ENGLISH-YIDDISH ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

WAR SERVICE LIBRARY

THIS·BOOK·IS PROVIDED·BY THE·PEOPLE OF·THE UNITED·STATES THROUGH·THE AMERICAN LIBRARY ASSOCIATION FOR THE·USE·OF THE·SOLDIERS AND·SAILORS

SURGEON GENERAL'S OFFICE

LIBRARY.

ANNEX

Section

No. 293291

No. 113, W. D. S. G. O.

3—513

PJ 5117 qA141e 1915

03910090R

NLM 05025809 5

NATIONAL LIBRARY OF MEDICINE

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

A COMPLETE LEXICON AND WORK OF REFERENCE IN ALL DEPARTMENTS OF KNOWLEDGE.

PREPARED UNDER THE EDITORSHIP OF

PAUL ABELSON, PH. D.

PUBLISHED BY

THE JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

NEW YORK

1915.

ענגליש-אידישעס

ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך

א פאָלשטענדיגע און גענויע איבערזעצונג פון אַלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער און פראַזען און אַן ענציקלאָפּעדיע פון וויסענשאַפטליכע און טעכנישע אויסדריקע

רעדאגירט פון

דר. פּאַול אייבעלסאָן

AMERICAN LIBRARY ASSOCIATION
SOLDIERS AND SAILORS
CAMP LIBRARY

ארויסגעגעבען פון

טהי דושואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ.

ניו יאָרק

1915

ARMY MEDICAL LIBRARY
293291
WASHINGTON, D. C.

PJ
5117
A141e
1915

COPYRIGHT, 1915,
By THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.
ALL RIGHTS RESERVED.

LIST OF COLLABORATORS

EDITOR-IN-CHIEF

Paul Abelson, Ph. D.

ASSOCIATE EDITORS:

Benzion Hoffman

Louis Landau　　Morris Terman

CONTRIBUTORS AND TRANSLATORS:

Conrad Bercovici	Isaac Hillman	Abraham S. Sachs
Abraham J. Feldman	Ephraim Ish-Kishur	Kalman Tepper
David Hammond	Benedict Meltzer	Bertha Wiernik
	Meyer Wolodarsky	

די רעדאַקציאָן:

הויפּט רעדאקטאָר

ד ר. פּ א ו ל   א י י ב ע ל ס אָ ן

מיט־רעדאקטערע :

בן־ציון האָפמאן (צביון)

מאָרים טערמאן　　לואיס לאנדוי (א. וואָהלינער)

מיטארבייטער און איבערזעצער :

אפרים איש־כישור	דוד העמאָנד	אברהם ש. זאקס
קאָנראד בערקאָוויסי	מאיר וואָלאָדארסקי	קלמן טעפּער
יצחק הילמאן	בערטהא וויערניק	ברוך מעלצער
	אברהם פעלדמאן	

DEDICATED

TO THE MEMORY OF

JACOB SAPHIRSTEIN

געווידמעט

דעם אנדענקען פון

יעקב סאַפּירשטיין ז״ל

PUBLISHERS' NOTE

With the publication of this English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, the Jewish Press Publishing Company is continuing the policy inaugurated by its founder, the late Mr. Jacob Saphirstein, who, in a spirit of patriotic service to the country of his adoption and as a contribution to the welfare of the Jewish population of America, conceived a well-matured plan to meet their intellectual needs.

Mr. Saphirstein realized the importance of acquainting the adult Jewish immigrant with American life, American customs and American thought. It was his conviction that the essentials of the American character—a spirit of tolerance, initiative, energy, optimism and love of freedom—were the very ideals animating the Jewish people. He felt, therefore, that the so-called Jewish problem in America was a comparatively simple one. He reasoned that if the adult immigrant Jew were only given the means to know and understand his new environment, the gain to America and to himself would be inestimable.

It was with these ideas in mind that Mr. Saphirstein founded the Jewish Press Publishing Company some twenty-five years ago when the stream of Jewish immigration to America began. His various efforts—"The Hebrew American," a Jewish weekly published in English with a Yiddish vocabulary, the text books for the study of English in the Yiddish language, a small English-Yiddish and Yiddish-English Dictionary, a "History of the United States" with a parallel Yiddish translation, a "History of the Jews in America" in English and Yiddish editions, "The Jewish Morning Journal," "Der Amerikaner"—all these testify to the constancy and the success of his policy.

In planning the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, Mr. Saphirstein had in mind the creation of an epoch-making work in the history of Jewish culture and in the history of the Jew in America. His aim was more than the mere publication of the largest compilation and translation of English words in any foreign language. Such an effort in itself would be a creditable achievement. But his spirit of enterprise soared much higher. He dreamed of a treasure-house of world culture. For the first time, an Encyclopedic Dictionary would put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern scholarship, science and culture.

To the realization of this dream Mr. Saphirstein gave the last four years of his life. Those competent to judge will fully appreciate the great difficulties involved in the carrying out of this project. Organizing and literary skill, scholarship and erudition were, of course, essential to the success of this enterprise. But these qualities alone would not suffice. The peculiar problem of the Yiddish-speaking American required that in conception and structure the work should meet the needs of the least educated no less than those of the best. In short, the situation called for a staff of editors and collaborators who, in addition to the essential qualities of scholarship, had to have a sympathetic understanding of not only American ideas and ideals, but also the ideals and needs of the Jews in general and of the Jews in America in particular.

The result speaks for itself. The English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, in its full vocabulary drawn from all departments of knowledge and labor, scientific, mechanical, industrial, artistic, professional and practical, surpasses any other similar work. In all other respects we believe that it compares favorably with the best English and American works of this character. We are confident of a favorable verdict from those who know, and of the fullest support from the public which, in the last analysis, constitute the court of last judgment.

THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט דער אויסגאבע פון דעם "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" מאכט די "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." א נייעם שריט אין דער ריכטונג, וועלכע עס האָט איהר געגעבען איהר גרינדער, יעקב סאפירשטיין ז"ל.

אלס ארויסגעבער, האָט זיך יעקב סאפירשטיין געשטעלט א דאָפּעלטע אויפגאבע: ערשטענס, צו בעקענען דעם אידישען אימיגראנט מיט זיין נייער היים, מיט איהר שפּראך, מיט איהר גייסט, מיט איהר געשיכטע און מיט איהרע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען; צווייטענס, העלפען דעם אידען אין זיין שטרעבונג צו וויסען און אויפקלעהרונג.

אָט דיעזע אויפגאבען זיינען אוועקגעלעגט געוואָרען אלס פונדאמענט פאר דער טהעטיגקייט פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." און זיי זיינען געבליבען דער פונדאמענט פון איהר טהעטיגקייט אין פערלויף פון 25 יאָהר ביז היינטיגען טאָג. א פיערטעל יאָהרהונדערט האָט יעקב סאפירשטיין, אן דער שפּיצע פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.", אונערמיעדליך פערפאָלגט דיעזע אויפגאבען. אלע זיינע פערשיעדענע אויסגאבען זיינען געוועזען בעלעבט פון דעמזעלבען גייסט און האָבען געהאט דעמזעלבען צוועק.

"דהי היברו אמעריקען", אן ענגלישע וועכענטליכע אויסגאבע מיט אידישע פערטייטשונגען; פערשיעדענע ענגלישע לעהר-ביכער; א קליינעם ענגליש-אידישעם און אידיש-ענגלישעם ווערטערבוך; "א געשיכטע פון די פערייניגטע שטאאטען" אין ענגליש מיט א אידישער איבערזעצונג; "די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא" אין ענגליש און אידיש; "דער מאָרגען זשורנאל" און "דער אמעריקאנער"—אלע דיעזע פערשיעדענע גרעסערע און קלענערע אויסגאבען פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." זיינען פּראָדוקטען פון איין און דעמזעלבען גייסט און פערקערפּערען איין און דעמזעלבען אידעאל: בעקענען די אידען מיט אמעריקא און זיי מאכען פאר געבילדעטע מענשען.

יעקב סאפירשטיין'ס לעצטע אונטערנעהמונג אין דיעזער ריכטונג איז "דאָס אידיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך". דיעזער אונטערנעהמונג האָט ער געווידמעט די לעצטע פיער יאָהר פון זיין לעבען. לויט זיין פּלאן, האָט דאָס בעדארפט זיין אן עפּאָכע-מאכענדעס ווערק אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור און אין דער געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא. עס האָט בעדארפט זיין א ווערק, וואָס זאָל ארומנעהמען אלע געביעטען פון וויסענשאפט, טעכניק, קונסט און ליטעראטור, זאָל אין זיך פערקערפּערען דאָס לעצטע וואָרט פון וויסענשאפט און זאָל ענטהאלטען אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראך פערטייטשט אויף'ן גענויעסטען און פּינקטליכסטען אופן.

עס איז געווען א ריעזיגע, שווערע אונטערנעהמונג. און שווער איז עס געווען ניט נור דערפאר, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט אָרגאניזאציאָנס-פעהיגקייט, פיעל ליטערארישער טאלאנט און א מאסע וויסען און געלעהרזאמקייט. די הויפּט-שוועריגקייט איז געווען צוצופּאסען דאָס ווערק צו די אידישע בעדערפניסע און איבערשאפען די קולטור-אוצרות אויף א אידישען שטייגער אזוי אז עס זאָל קענען צופריעדענשטעלען דעם העכסט-געבילדעטען און זיין אויף'ן העכסטען אופן ניצליך פאר דעם וועניג-געבילדעטען. עס איז דעריבער נויטיג געווען א ספּעציעלער אויסוואהל פון מענשען פאר דיעזער ארבייט מיט ספּעציעלע פעהיגקייטען.

דאָס ריעזיגע ווערק איז ענדליך געשאפען און יעדער קען זיך אליין איבערצייגען, ווי ווייט עס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די אויפגאבען, וועלכע די ארויסגעבער האָבען זיך געשטעלט.

אין דער גרויסער צאָהל ווערטער, אין די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער און אין די ענציקלאָפּעדישע ערקלערונגען שטייגט "דאָס ענגליש-אידישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך" אריבער אלע אנדערע אויסגאבען פון דעם מין אין אנדערע, ניט-ענגלישע שפּראכען. אין אלע אנדערע הינזיכטען, גלויבען מיר, קען עס זיך מעהר אָדער וועניגער פערגלייכען מיט אלע גרויסע עהנליכע ווערק אין ענגליש.

מיר זיינען זיכער, אז דאָס פּובליקום וועט פערשטעהן דעם גרויסען ווערטה פון אונזער ריעזיגער אויסגאבע און וועט וויסען ווי זי אָבצושעצען.

דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.

PREFACE

The publishers in their note to the public have indicated the general plan of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary. The work aims "to put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern science, scholarship and culture." It is for others to judge how far these aims have been realized. For his part, the editor deems it necessary to explain briefly how he met and solved some of the specific problems involved, such as the selection of words, spelling, pronunciation, transliteration, definitions of words, terms, phrases and idiomatic expressions and the use of illustrations and examples.

VOCABULARY

In the selection of words, one result was aimed at, namely, the widest inclusion in strict alphabetical order of words, terms, phrases and idiomatic expressions which are used in all countries where English is spoken. Obsolete, archaic and provincial terms were excluded. Care was taken to make the number of American colloquial and slang expressions as complete as possible.

SPELLING

The problems of spelling which had to be faced were unique and distinctive. The difficulties of English spelling are well known to all. Lexicons of standing in the academic world differ widely on the spelling of many words. For our purpose authoritative choice in the matter of disputed spelling was essential. The staff was therefore obliged to make an exhaustive study of each disputed spelling and to decide in favor of one or the other.

In general, it may be stated that American usage and simplicity of form were the guiding criteria. The scope of the work did not permit any leaning toward spelling reform. In some cases it was absolutely impossible to reject one form of spelling in favor of another. But even in these cases the editor indicated his choice. The word in the less favored form was included, but its definition and use referred by a cross-reference to the spelling chosen by the editor.

PRONUNCIATION

In the matter of pronunciation two problems had to be solved, first, the usual difficulties of accepted variations of pronunciation, and second, the problem of transliterating the pronunciation.

פאָררעדע

די ארויסגעבער פון דעם ״ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוּך״ האָבען שוין אין זייער פאָררעדע אָנגעצייגט דעם פּלאַן און די אויפגאבע פון דיעזען ווערק. דער צוועק איז געווען צו שאפען פאר אידען א קולטור-ווערק און אן אוצר פון וויסענשאפט, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט זיין א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון אלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער מיט די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען. עס בלייבט, נאטירליך, פאר אנדערע צו אורטיילען, ווי ווייט דיעזע אויפגאבע איז דורכגעפיהרט געוואָרען. די רעדאקציאָן, פון איהר זייט, רעכענט בלויז פאר נויטיג דאָ צו געבען אייניגע ערקלערונגען וועגען א פּאָר איינצעלהייטען פון דער ארבייט און ווי זי האָט געלעזט די פראגען, וואָס זיינען מיט דער ארבייט געווען פערבונדען, ווי למשל: דער אויסוואהל פון ווערטער און אילוסטראציאָנען, די אויסלעגונג, די אויסשפּראך, די איבערזעצונגען און ערקלערונגען, די איינפיהרונג פון ענגלישע פראזען צו ערקלערען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער א. ז. וו.

דער אויסוואהל פון ווערטער.

אונזער שטרעבונג איז געווען צו געבען אין דעם ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראך, אלע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין דער ליטעראטור און אין לעבען. אויסגעשלאָסען געוואָרען זיינען בלויז פערעלטערטע ווערטער, וועלכע ווערען מעהר ניט געברויכט, און פּראָווינציאליזמען, דאָס הייסט, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט בלויז פון א קליינעם טייל פון דער בעפעלקערונג אין געוויסע געגענדען. דערפאר זיינען אָבער אין דעם ווערטערבוך אריין די מייסטע אמעריקאנישע פאָלקס-אויסדריקע און ווערטער פון דעם אמעריקאנישען ענגלישען פאָלקס-זשארגאָן.

אויסלעגונג.

די פראגע פון אויסלעגען די ענגלישע ווערטער איז אָפט געווען א גאנץ שווערע. ווי עס איז בעקאנט, ווערען פיעלע ענגלישע ווערטער פערשיעדענארטיג אויסגעלעגט. עס איז דעריבער נויטיג געווען, אז מיר אליין זאָלען פעסטשטעלען די פּאסיגע אויסלעגונג נאָך אן אויספיהרליכען שטודיום.

אין אלגעמיין האָבען מיר זיך דאָ געהאלטען אָן דער אויסלעגונג, וואָס איז אָנגענומען אין אמעריקא און אָן די איינפאכערע פאָרמען, אויסמיידענדיג די גאָר נייעסטע רעפאָרמען. אין אייניגע פעלע וואו עס איז געווען אונפּראקטיש אויסצולאָזען געוויסע פאָרמען פון אויסלעגען א וואָרט, האָבען מיר געגעבען אלע פערשיעדענע פאָרמען. אָבער אויך אין דיעזע פעלע האָבען מיר געמאכט אונזער אייגענעם אויסוואהל דערמיט וואָס מיר האָבען איבערגעזעצט דאָס וואָרט אין דער פאָרם, וואָס איז, נאָך אונזער מיינונג, די ריכטיגסטע און צו דיעזען וואָרט האָבען מיר אָבגעשיקט די אנדערע ווערטער.

די אויסשפּראך.

אין דער פראגע פון דער אויסשפּראך האָבען מיר געהאט פאר זיך צוויי פּראָבלעמען: ערשטענס, די פערשיעדענארטיגע אויסשפּראך פון געוויסע ענגלישע ווערטער; צווייטענס, די פּראָבלעם, ווי איבערצוגעבען די אויסשפּראך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש.

דיא ערשטע פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די פראגע פון אויסלעגען, דאָס הייסט, נאָך א גענויער אויספאָרשונג, האָבען מיר פעסטגעשטעלט די אויסשפּראך, וועלכע איז, נאָך אונזער מיינונג, די פּאסיגסטע. וואָס אָנבעלאנגט דער צווייטער פּראָבלעם, איז ניט מען האָט געקענט און ניט עס איז געווען ווינשענסווערטה איינצופיהרען ספּעציעלע צייכענס פאר דער אָדער יענער אויסשפּראך פון אן ענגלישען קלאנג, ווייל עס איז מעגליך געווען כמעט גענוי איבערצוגעבען די ענגלישע אויסשפּראך דורך אידישע בוכשטאבען.

וואָס פאר צייכענס מען זאָל ניט איינפיהרען, וועט מען דאָך ניט קענען אין גאנצען ערקלערען ווי מאנכע ענגלישע קלאנגען און מיטעל-קלאנגען ווערען ארויסגערעדט, ווי למשל, די קלאנגען a, o און u פאר א r. דער אויסלענדער קען זיך בלויז דעמאָלט אויסלערנען די אויסשפּראך פון דיעזע קלאנגען, ווען ער הערט, ווי זיי ווערען ארויסגערעדט. אזוי ווי דער אויסלענדער איז גענייגט ארויסצורייען th ווי א ״ד״, האָבען מיר גערעכענט פאר נויטיג איבערצוגעבען דיעזע קלאנגען דורך ״טה״. דער

As in spelling, the necessities of the situation called for a definite choice by the editor after thorough investigation. As to the second, keys for pronunciation and symbols were neither feasible nor desirable. The use of the available Yiddish consonants and vowels and a few special combinations of these was found to be a satisfactory way of transliterating. In almost all cases the sounds and the middle sounds were thus given. In a very few instances it was not possible to do this, such as for example, the proper sound to the letters "o," "a" and "u" before "r." The sound "th" presented special difficulties. This sound, as has been well said, is unteachable though learnable. Since the foreigner is more likely to err by pronouncing the "th" like a "d," we leaned in our transliteration towards "t". The complete scheme of transliteration is explained in the Yiddish preface. The words as transliterated are not syllabified but only separated for the purposes of pronunciation and accent.

DEFINITION

The Yiddish-speaking population of America consists chiefly of adult immigrants and presents the widest variety of intellectual training and capacity, from the university-trained student to the workman whose opportunities for mental development have opened up only with his arrival here. All groups however find the acquisition of English and acquaintance with American life and thought absolute necessities.

It is obvious that the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be of great value to the educated immigrant. He will find clear, accurate and comprehensive definitions of those words, terms and phrases that are current among educated classes in the English-speaking world. On the other hand, no less care was given to meet the needs of the untaught. In defining even the most elementary words or terms, it was assumed that the person consulting the dictionary had nothing to unlearn and everything to acquire about the meaning and use in question. By explanation, by illustration, by examples in English or in Yiddish, by cross-reference to synonymous or analogous words, the meaning given in the simplest Yiddish is made clear even to one who possesses only the bare rudiments of an education.

Definition was confined exclusively to the *present* meaning and use of words. The most common meaning and widest use of the words were given first, then shades of meaning. In most instances words which have a special meaning when used in connection with other words were given with these others as phrases. Where necessary for the sake of clearness of defini-

גאנצער פלאן, וואָס מיר האָבען אָנגענומען, צו בעצייכנען די ענגלישע קלאנגען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע, ווערט ווייטער איבערגעגעבען אין א בעזונדערער ערקלערונג.

פערטייטשונגען און ערקלערונגען.

אונזער "ענגליש-אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך" איז בעשטימט פאר אלע אידען, אָהן אויסנאהמע, פון דעם העכסט-געבילדעטען ביז דעם אם ווענינגסטען געבילדעטען, פאר דעם אידען, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו לערנען ענגליש און פאר דעם אידען, וואָס קען שוין ענגליש. די פערטיי-טשונגען און ערקלערונגען האָבען דעריבער געמוזט זיין אזעלכע, וואָס זאָלען קענען צופריעדענשטעלען אלע קלאסען אידען. די פערטייטשונגען זיינען קלאָר, פּשוט, פינקטליך און אויספיהרליך. עס ווע-רען געגעבען אלע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער און אלע שאטירונגען פון דיעזע בעדייטונגען. דער וואָס קען שוין ענגליש וועט לערנען נאָך מעהר און ווער עס קען נאָך ניט די ענגלישע שפּראך וועט פון דעם ווערטערבוך קענען אָנהויבען צו לערנען.

אין דער פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר געשטרעבט צו געבען די בעדייטונגען, וועלכע די ווערטער האָבען איצטער. די פערעלטערטע און פארצייטיגע בעדייטונגען זיינען מייסטענס אויסגעלאָזען געוואָרען. אין דער איינאָרדנונג פון די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעל-בען וואָרט האָבען מיר זיך געהאלטען אָן דעם כלל, אז די מעהר געברויכליכע און געוועהנליכע קומען צום ערשטען. ווען געוויסע ענגלישע ווערטער האָבען א ספּעציעלע בעדייטונג אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער, ווערט געגעבען די גאנצע פראזע און דערצו אין דערזעלבער אלפאבעטישער אָרדנונג ווי איינצעלנע ווערטער. אום קלאָרער צו מאכען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעל-בען וואָרט, ווערען אָפט די בעדייטונגען נומערירט און עס ווערען אונטען געגעבען ענגלישע פראזען אונטער ענטשפּרעכענדע נומערען, צו צייגען, ווי דאָס וואָרט ווערט געברויכט.

אין דעם אויסוואהל פון ענגלישע פראזען צו אילוסטרירען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר זיך געמוזט צופּאסען צו די ספּעציעלע פאָדערונגען, וועלכע מען קען שטעלען צו אזא ווערטערבוך ווי אונזערער, און אנשטאט צו געבען אויסציגע פון בעקאנטע ליטע-ראַרישע ווערק, ווי עס איז אָנגענומען אין די גרויסע ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער, האָ-בען מיר געגעבען פּשוט'ע, אלטעגליכע פראזען.

די אידיאָמען, דאָס הייסט, די אייגענארטיגע שפּראך-אויסדריקע, וועלכע לאָזען זיך ניט איבער-זעצען בוכשטעבליך אין אן אנדער שפּראך, זיינען ביי אונז איבערגעזעצט פריי, מייסטענס דורך ענט-שפּרעכענדע אידישע אידיאָמען.

אילוסטראציאָנען.

מיט דעם אויסוואהל פון אילוסטראציאָנען האָבען מיר אויך בעצוועקט די ספּעציעלע צופּאסונג צו די אידישע פאָדערונגען. די אידישע שפּראך איז זעהר אָרים אין ווערטער אויף'ן געביעט פון נאטור-געשיכטע, נאוויגאציאָן, ערד-ארבייט א. ז. וו. דעם אידען פעהלט די בעקאנטשאפט מיט פיעלע פאכען, פּראָפעסיאָנען און מלאכות. עס איז דעריבער ניט נור נויטיג געווען צו שאפען מאסען נייע ווערטער, נאָר עס איז אויך נויטיג געווען צו געבען ביי די ווערטער אילוסטראציאָנען און בילדער, אום קלאָר צו מאכען זייער בעדייטונג. מיר האָבען, אלזאָ, אריינגעבראכט ספּעציעלע אילוסטראציאָנען, אויסער די יעניגע וואָס ווערען געוועהנליך געגעבען אין אלע ווערק פון דעם מין.

דער ענציקלאָפּעדישער טייל.

אין דער צוזאמענשטעלונג פון דעם ענציקלאָפּעדישען טייל פון ווערטערבוך האָט די רעדאקציאָן זיך גערעכענט מיט אלע מעגליכע קלאסען פון אידישען פאָלק: מיט דעם געבילדעטען אויסלענדער, מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען מענשען, מיט דעם סטודענט, מיט דער הויז-ווירטהין, מיט דעם פערמער, מיט דעם בעל-מלאכה און מיט דעם הענדלער. דאָס ווערק איז פול מיט קליינע ארטיקלען און אָב-האנדלונגען איבער די פערשיעדענסטע געגענשטענדע. עס זיינען פאראן פיעלע טויזענדע ערקלערונגען פון טערמינען אויף'ן געביעט פון נאטור-וויסענשאפט, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיאָן, מאטעמאטיק, געשיכטע, פּאָליטיק, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, האנדעל, אינ-דוסטריע א. ז. וו.

די ערקלערונגען זיינען שטרענג וויסענשאפטליך, זיינען פאָרזיכטיג אויסגעארבייט און זיינען בע-

tion, the different meanings of a word were grouped numerically and appropriate illustrative examples in English added.

The conventional method of using phrases and quotations from literary masterpieces to illustrate the meaning and use of words was obviously unsuitable for our purpose, since such phrases and quotations can have significance only to those who are well acquainted with English literature. Accordingly, phrases and quotations of ordinary conversational usage were given as a more serviceable aid to definition. Idioms were likewise treated in an original manner. Every idiomatic expression was translated freely by the equivalent Yiddish idiom.

ILLUSTRATIONS

The selection of illustrations requires some explanation. In the field of natural history, seafaring, handicraft and in many other domains there is a paucity of words in the Yiddish language. In parts this deficiency was supplied by suitably coined words, and in such instances the use of illustrations was indispensable. We have also included an abundance of illustrations of the simplest tools, machinery, agricultural implements and utensils in daily use. The Yiddish population of America was largely reared in rural and small suburban communities in Europe. Illustrations of the character mentioned will help these people adapt themselves to the enlarged material surroundings of American city and country life.

ENCYCLOPEDIC MATTER

In the selection of encyclopedic matter, the needs of all groups were considered, those of the educated foreigner, the professional man, the student, the business man, the mother and housewife, the farmer, the artisan and the tradesman. The work abounds in carefully prepared authoritative and up-to-date articles on the most important terms in the field of physical, natural and mental science, of technology and handicraft, of philosophy and art, of religion and theology, of mathematics, of general and American history, of politics, economics and sociology, of commerce, trade and industry, of American customs, manners and life.

The treatment of expressions for ideas which of necessity are matters of controversy was studiously unbiased. The aim throughout has been to define a term exactly in the way in which the group to whom the term belongs would define it.

גרינדעט אויף די נייעסטע וויסענשאפטליכע פאָרשונגען. די טערמינען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט אידעאלען, געזעלשאפטליכע ריכטונגען און סאָציאל־פּאָליטישע לעהרען, זיינען אין אונזער ווערטערבוך ערקלערט געוואָרען מיט שטרענגער אונפּארטייאישקייט. אונזער שטרעבונג איז דערביי געווען צו ערקלערען דיעזע טערמינען אזוי ווי זיי ווערען געוועהנליך פערשטאנען פון די אָנהענגער פון די דאָזיגע לעהרען, ריכטונגען אָדער אידעאלען.

די אידישע שפּראך.

איבער הונדערט און צוואנציג טויזענד ענגלישע ווערטער געפינען זיך אין אונזער "ענגליש־אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך". ענגליש איז די רייכסטע שפּראך וואָס אָנבעלאנגט איהר ווערטער־שאץ. די ענגלישע שפּראך פערמאָגט מעהר ווערטער ווי וועלכע ניט איז אנדערע שפּראך. פאר יעדען בעגריף האָט זי פיעלע פערשיעדענע ווערטער און יעדעס וואָרט האָט פיעלע בעדייטונגען.

אין פערגלייך מיט דער ענגלישער שפּראך איז אונזער אידיש, אלס א יונגע שפּראך, אלס א פאָלקס־שפּראך, אלס א שפּראך מיט זעהר א יונגער און בעשרענקטער ליטעראטור, זעהר און זעהר אָרים.

דיא אידישע שפּראך געפינט זיך איצטער אין פּראָצעס פון ענטוויקלונג און פאָרמירונג. יעדעס נייע ערנסטע ווערק פון פערהעלטנישמעסיג ... פון פּראָגרעסיווע אידישע שרייבער העלפט מיט דיעזער ענטוויקלונג און פאָרמירונג. מיר גלויבען אָבער, אז עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען דאָ מאכען די בעהויפּטונג, אז קיין ווערק האָט נאָך ניט בייגעטראָגען אזוי פיעל צו דער בערייכערונג און פאָרמירונג פון דער אידישער שפּראך, ווי אונזער "ענגליש־אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך".

צו דער איבערזעצונג פון די פיעלע, פיעלע צעהנדליגע טויזענדע ווערטער פון דער אונגעהייער־רייכער ענגלישער שפּראך זיינען מיר צוגעטראָטען מיט דיא געצעהלטע פאָר טויזענד אידישע ווערטער. עס האָבען אונז געפעהלט ווערטער פאר פיעלע אבסטראקטע בעגריפען. מיר האָבען ניט געהאט קיין נעמען פאר הונדערטע פלאנצען, חיות, פיש, אינזעקטען און אזוי ווייטער, וועגען וועלכע דער איד האָט לחלוטין קיין בעגריף ניט און פאר וועלכע ער האָט ניט קיין נעמען אין זיין שפּראך. עס האָבען אונז געפעהלט דיא איינפאכסטע ווערטער צו בעצייכנען אינסטרומענטען. עס האָבען זאָגאר געפעהלט אידישע ווערטער וואָס ווערען געברויכט ביי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי און אזוי ווייטער, ווייל די מייסטע ווערטער פון דיעזען סאָרט זיינען ענטנומען אין רוסלאנד — פון דער רוסישער שפּראך, אין גאליציען און רומעניען — פון דער דייטשער און אין אמעריקא — פון דער ענגלישער.

און דעריבער איז עס אויסגעקומען, אז די מייסטע ענגלישע ווערטער האָט מען אין אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך ניט נור בעדארפט איבערזעצען, נאָר מען האָט אויך בעדארפט שאפען די נויטיגע ווערטער פאר דער איבערזעצונג אָדער זייערע פאָרמען אָדער ביידע צוזאמען.

דערצו איז געווען נאָך איין שוועריגקייט. מען האָט ביי דער איבערזעצונג געמוזט אין זינען האָבען, אז מיט אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך וועלען זיך בענוצען אידען פון פערשיעדענע לענדער. מען האָט בעדארפט נעהמען אין אנבעטראכט, אז פערשיעדענע זאכען האָבען פערשיעדענע נעמען אין גאליציען, רומעניען, רוסלאנד און אמעריקא.

עס קומט אויף אזא אופן אויס, אז מען האָט זיך ניט אימער געקענט פריי בענוצען אפילו מיט יענע ווערטער, וועלכע זיינען שוין אין געברויך ביי געוויסע טיילען פון אידישען פאָלק, אויס מורא, אז זיי וועלען קלינגען טערקיש פאר אנדערע אידען.

און נייע ווערטער, א גרויסער שטראָם נייע ווערטער האָט זיך אונבעדינגט געפאָדערט, ערשטענס, אום צו קענען איבערזעצען די אונגעהייער־גרויסע צאָהל ענגלישע ווערטער און, צווייטענס, אום צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א אידישער שפּראך, וועלכע זאָל קענען געברויכט ווערען אויף אלע געביעטען פון מענשליכען דענקען. די ארבייט איז געווען א ריעזיגע, אָבער זי איז ווערטה געווען די מיה.

צום אלעם ערשטען האָבען מיר אריינגעבראכט אין אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אלע יענע וויסענשאפטליכע טערמינען, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע האָבען בעקומען בירגער־רעכטע אין אלע שפּראכען פון די ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע מען געברויכט שוין טיילוויז ביי אונז און וועלכע מען וועט נאָך מעהר מוזען געברויכען אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אונזער שפּראך. אום אָבער דיעזע שווערע ווערטער זאָלען ניט בלייבען קיין פּוסטע קלאנגען פאר די געברויכער פון אונזער ווערטערבוך און אום זיי זאָלען קענען אריינגעהן אין געברויך, איז ביי אונז איינגעפיהרט געוואָרען, אז יעדעס וואָרט אזעלכעס זאָל גענוי ערקלערט ווערען אין פּשוט'ע ווערטער.

פאר נעמען פון חיות, פלאנצען, פיש און אזוי ווייטער, פאר וועלכע מען האָט ניט געפונען קיין

INFLUENCE ON THE YIDDISH LANGUAGE

An important result of the publication of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be its influence on the development of the Yiddish language. As indicated above, Yiddish is a language of few words when compared with English. It was therefore necessary to adopt and incorporate thousands of words that form a part of the world's languages into the former tongue. In the accomplishment of this task, the standards of orthography and word-formation which were adopted, will undoubtedly have an important influence on the future growth of Yiddish. Students of this phase of language development will be interested in the editor's special note on this subject in the Yiddish preface.

ACKNOWLEDGMENTS

The editor desires to express his thanks to all his colleagues and collaborators, whose cooperation made the success of this vast and unusual undertaking possible.

He is particularly indebted to Mr. Benzion Hoffman, Mr. Louis Landau and Mr. Morris Terman, the associate editors. Their devotion, self-sacrifice, genuine and constant interest in the work, their unfailing industry must forever stand out as a manifestation of the true spirit of scholarship.

To Mr. S. Vaisberg the success of the mechanical details of the work is mainly due. Only those familiar with the printer's art can fully appreciate the technical difficulties involved in the publication of a bilingual dictionary in the Semitic and Aryan languages. Mr. Vaisberg was ably assisted by Mr. M. Milch, Mr. T. Glass and Mr. M. Davidow.

But above all, the editor owes a debt of gratitude to the late lamented Mr. Jacob Saphirstein, the founder and manager of the Jewish Press Publishing Company. His vision it was which conceived the value and significance of the work. The full measure of confidence, sympathy and support which he gave to the editor has made its realization possible.

PAUL ABELSON.

New York, December 21, 1914.

ווערטער אין דער אידישער שפּראַך, האָט מען זיך געמוזט ווענדען צו צוויי שפּראַכען, פון וועלכע אידיש האָט געשעפּט ווערטער־שטאָף מיט דער פולער האנד — צו דייטש און צו רוסיש. הויפּטזעכליך אָבער האָט מען זיך אין אונזער ווערטערבוך בענוצט מיט דייטשע ווערטער שוין פּשוט דערפאַר, ווייל דייטש איז אם נעהנטסטען צו אידיש און דייטשע ווערטער פּאַסען זיך אם בעסטען אריין אין דער אידישער שפּראַך און ווערען לייכטער פערדייהט אין אונזער מאמע־לשון. רוסישע ווערטער זיינען געברויכט געוואָרען מייסטענס אזעלכע, וועלכע האָבען זיך שוין מעהר אָדער ווייניגער צוזאַמענגעלעבט מיט אידיש. ניט זעלטען זיינען געברויכט געוואָרען אי דאָס דייטשע אי דאָס רוסישע וואָרט.

אויך די געוועהנליכע אידישע ווערטער איז מען אָפט געוואָען געצוואונגען צו געבען עטליכע מיט אמאָל. דאָס האָט מען זיך אזוי נוהג געווען אין דעם פאַל, ווען די ווערטער זיינען געווען פּראָווינציאַליזמען. דערמיט איז דערגרייכט געוואָרען א דאָפּעלטער ציעל: ערשטענס, האָט מען דאָס ענגלישע וואָרט געמאַכט פערשטענדליך פאַר אַלע אידען און צווייטענס, האָט מען אריינגעבראַכט אין דער אידישער שפּראַך ווייניג־בעקאַנטע ווערטער, וועלכע ווע֫לען וואהרשיינליך שפּעטער אלגעמיין אָנגענומען ווערען אין דער אידישער ליטעראַטור.

דערפון זאָל אָבער ניט געצויגען ווערען דער פאַלשער שלוס, אז מיר האָבען גענומען אַלע ווערטער, וועלכע עס זיינען אונז נור געקומען צו דער האַנד. אין דער צייט, ווען מיר האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו קריגען די נויטיגע ווערטער וואו מיר האָבען זיי נור געקענט געפינען, האָבען מיר זיך אָבער געגעבען נאָך מעהר מיה אויסצוקלייבען די פּאַסיגסטע, דאָס הייסט, אזעלכע, וואָס זיינען אם מעהרסטען פערשפּרייט, אָדער זיינען אין זייער פאָרמע נעהנטער צו דער אידישער ליטעראַרישער שפּראַך, צו איהרע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און צו איהר גייסט. וואו עס האָט זיך נור געלאָזט, האָבען די דייטשע ווערטער בעקומען א אידישע פאָרמע.

אריינברייגענדיג נייע ווערטער און נייע פאָרמען פון ווערטער, האָבען מיר אויך אין זינען געהאַט אויסצואַרבייטען מעהר אָדער ווייניגער פעסטע גראַמאַטיקאַלישע כללים און אן אויסגעהאַלטענע אויסלעגונג פון ווערטער.

מיר זיינען זיכער, אז אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אידיש וועט אונזער גרויסעס ווערק דיענען אלס וויכטיגער פאַקטאָר און יעדער אידישער שרייבער און יעדער פאָרשער פון אידיש וועט אונזער ווערטערבוך קענען און מוזען געברויכען אלס רעפערענץ־בוך.

דאַנקזאַגונגען.

צום שלום וויל דאָ דער רעדאַקטאָר אויסדריקען זיין הערצליכען דאַנק צו אַלע זיינע קאָלעגען און מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען דורך זייער אַרבייט געמאַכט מעגליך דעם ערפאָלג פון דיעזער ריעזיגער, אונגעוועהנליכער אונטערנעהמונג.

ער פיהלט זיך ספּעציעל פערפליכטעט צו די העררן בן־ציון האָפמאַן (צביון), לואיס לאַנדוי (א. וואָהלינער) און מאָררים טערמאַן, זיינע מיט־רעדאַקטערע. בלויז מענשען מיט אמת'ער ליעבע צו דער וויסענשאַפט האָבען געקענט, ווי זיי, ארויסצייגען אזא טיעפען אינטערעס, אזא איבערגעבענהייט און אזא גרינדליכקייט אין דער פערפאָלקאָמונג פון דיעזען ווערק.

הערר סעמיועל ווייסבערג האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם ערפאָלג פון דער טעכנישער זייט פון דעם ווערטערבוך. נור די יעניגע, וואָס זיינען בעקאַנט מיט'ן דרוק־פאַך, ווע֫לען קענען אָבשאַצען די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען אין אזא אויסגאַבע ווי אונזערע. הערר ווייסבערג'ס פעהיגע מיטהעלפער אין דער טעכנישער אָבטיילונג זיינען געווען הערר מ. מילך, הערר ט. גלאַס און הערר מ. דייווידאָוו.

אָבער די טיעפסטע דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פיהלט זיך דער רעדאַקטאָר פערפליכטעט אויסצודריקען דעם זעליגען יעקב סאַפּירשטיין, דעם גרינדער און פערוואַלטער פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." ער האָט געשאַפען דעם געדאַנק וועגען דיעזער אונטערנעהמונג און ער האָט מעגליך געמאַכט די פערווירקליכונג פון דיעזען געדאַנק דורך זיין צוטרויען צו דער רעדאַקציאָן, זיין מיטווירקונג און סימפּאַטיע.

פּ א ו ל א י י ב ע ל ס אָ ן.

ניו יאָרק, 21טען דעצעמבער, 1914.

ערקלערונג וועגען דער אויסשפּראַך

1. די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש ווערט אין דיעזען ווערטערבוך פאַנאַנדערגעטיילט אין בעזונדערע זילבען דורך שטריכעלעך (—).
2. די ווערטער ווערען פאַנאַנדערגעטיילט אין זילבען ניט לויט די גראַמאַטיקאַלישע כללים, נאָר, צוליעב בעקוועמ־ליכקייט, לויט זייער אויסשפּראַך.
3. דער אַקצענט פון אַ וואָרט ווערט אָנגעדייטעט אין ענגליש און אין אידיש דורך דעם צייכען (′).
4. מאַנכע ענגלישע קלאַנגען קענען ניט גענוי איבערגעגעבען ווערען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע קלאַנגען, ווי עס איז שוין אָנגעצייגט אין דער פאָררעדע צו דיעזען ווערק. אין אַזעלכע פעלע זיינען אין דעם ווערטערבוך אין דער אידישער אויסשפּראַך געברויכט יענע אידישע קלאַנגען, וואָס זיינען אַם נאָהענטסטען צו די ענט־שפּרעכענדע ענגלישע. פאָלגענדע אידישע קלאַנגען האָבען פאָלגענדע בעדייטונג אין דער אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער:
   - א) אַה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אַ.
   - ב) אָה בעצייכענט אַ ברייטען קלאַנג אָ.
   - ג) אָו בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אָ.
   - ד) עה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ע.
   - ה) וה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ו.
   - ו) יע בעצייכענט: ערשטענס, אַ לאַנגען קלאַנג י, ווי אין וואָרט "ליעבע" אָדער דעם וויכען קלאַנג ע, ווי אין וואָרט "יענער".
   - ז) יעי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג יע ווי אין וואָרט "יענער" מיט אַ צוגאָב פון אַ י צו ענדע.
   - ח) יי בעצייכנען: ערשטענס, אַ צירה (..) אָדער דעמזעלבען קלאַנג ווי אין "ריידען"; צווייטענס, דעמזעלבען קלאַנג ווי ײַ.
   - ט) אַי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג ווי עס האָבען יי אין וואָרט "זיין".
   - י) ײַ, יַה און יה בעצייכנען די צוזאַמענגיסונג פון צוויי קלאַנגען י אָדער אַן אויסגעצויגענעם קלאַנג י.
5. אין דער אידישער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען w, gu און qu ווערט אין דיעזען ווערטערבוך צוגעגעבען אַ ה, אום צו בעצייכנען די אייגענאַרטיגקייט, מיט וועלכער דיעזע קלאַנגען ווערען אַרויסגערעדט אין ענגליש.

פערקירצונגען און ראשי תבות:

אין אידיש.

- א. ד. ג. ....און דאָסגלייכען.
- א. ז. וו. ....און זאָ ווייטער.
- איל. ....אילוסטראַציאָן.
- ד. ה. ....דאָס הייסט.
- ז. ....זעה.

אין ענגליש.

- *a.* .... adjective
- *adv.* .... adverb
- *c.* .... conjunction
- *int.* .... interjection
- *n.* .... noun
- *pr.* .... pronoun
- *prep.* .... preposition
- *v.* .... verb

LIST OF COLORED PLATES

Pages

BIRDS OF THE UNITED STATES........................ (between) 126—127

DIAGRAM ILLUSTRATING THE PRIMARY COLORS AND
THEIR COMBINATIONS OR TINTS..................... (facing) 250

NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES............ (facing) 504

NATIONAL FLAGS.................................... (between) 506—507

CULTIVATED FRUITS................................. (between) 538—539

NORTH AMERICAN GAME BIRDS......................... (between) 548—549

GEMS .... (between) 556—557

GRASSES AND THEIR ALLIES.......................... (between) 586—587

BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY................ (between) 656—657

BUTTERFLIES AND MOTHS............................. (facing) 904

SPECIMENS OF ORNAMENTAL ENAMELING.............. (facing) 972

A

A, a (איי) דער ערשטער בוכשטאב פון
דער *a-b-c*

a *a. and prep.* (ע) א, איין ; צו, אין ;
אויף.

A 1 (איי הוואן) ערשטע זארט ; ערשטע
קלאסע.

It was a first-class entertainment, it was **A1.**

aal *n.* (אהל) א מין ווארצעל צו פארבען
רויט.

aam *n.* (אהם) אן אייל ; אזא מאס אין
האלאנד צו מעסטען אויל און וויין [אלם
וויין מאס האלט זיא 41 ענגלישע גאלאן
און אלם אויל=מאס—37].

aard′vark *n.* (ארד′-ווארק) דער ערד=
שוויין [אין זיד=אפריקא].

Aardvark

aard′wolf *n.* (ארד′-הוואולף) דער ערד=
וואלף [אזא זיד=אפריקאנישע חיה וועל=
כע איז עהנליך צו א היענע און שפייזט
זיך מיט אינזעקטען].

Aardwolf

Aaron′ic *a.* (ע-ראנ′-איק) וואס איז
שייך צו אהרן הכהן.

Aaron′ical *a.* (ע-ראנ′-אי-קעל) וואס
איז שייך צו די כהנים [וועלכע קומען
ארויס פון אהרן הכהן].

Aar′on′s-rod *n.* (ער′-אנז-ראד) אהרן′ס
שטעקען [אזא ארנאמענט וואס בעשטעהט
פון א שטעקען פון וועלכען עס שפראצען
בלעטער פוןביידע ענדען, אדער א שטע=
קען ארום וועלכען עס איז ארומגעדרעהט
א שלאנג].

Ab *n.* (עב) דער חודש אב.

A. B. (איי בי) די ראשי תבות פון
די ווערטער *Artium Baccalaureus*
א בילדונגס טיטול פאר סטודענטען וואס
ענדיגען אן אוניווערזיטעט.
ז. *bachelor of arts*

ab′aca *n.* (עב′-ע-קא) א מין פלאקס [וואס
וואקסט אין אזיען].

ab′acist *n.* (עב′-ע-סיסט) א בעל=חשבון,
א רעכנער.

aback′ *adv.* (ע-בעק′) 1. צוריק ; ריק=
ווערטס ; צוריקגעטראטען ; פון הינטען ;
פון ווייטען ; 2. מיט דעם ווינד אנטקעגען
[וועגען א שיף]; מיט די זעגעל אין דער
ריכטונג פון ווינד ; 3. מבולבל.

1. Eight days **aback.** 2. They lay the sails **aback.** 3. He was taken **aback** when he heard the remark.

abac′tio *n.* (ע-בעק′-שי-או) א מפיל דורך
קינסטליכע מיטעל.

abac′tion *n.* (עב-עק′-שאן) דאס אוועק=
גנב′ענען פיעל בהמות מיט א מאל און זיי
אוועקפיהרען.

In the cattle raising districts of the West, **abaction** is a crime severely punished.

abac′tor *n.* (עב-עק′-טאר) א פיה=גנב.

ab′acus *n.* (עב′-ע-קאס) 1. א רעכען=
ברעט ; א שפיעל=ברעט ; 2. דער אוי=
בערשטער טייל פון א זייל.

1. Abacus

2. Abacus

Abad′don *n.* (עב-עד′-אן) דער טייוועל ;
די העל [גיהנם].

abaft′ *adv.* (ע-בעפט′) אין דעם הינטער=
טהייל פון א שיף ; פון הינטען.

aba′lienate *v.* (עב-איי′-ליענ-אייט)
ענטפרעמדען ; אבטרעטען, איבערטראגען
דאס רעכט פון אייגענטהום פון איינעם צו
אן אנדערן.

aba′lienated *a.* (עב-איי′-ליענ-איי-
טעד) ענטפרעמדעט, איבערגעטראגען צו
אן אנדערען [וועגען אייגענטום]; צופוילט
אדער אזוי שטארק בעשעדיגט, אז מען
דארף עס אוועקשניידען [אין דער מעדי=
צין]; צומישט, געשטערט [אין שכל];
פערפוילט.

abaliena′tion *n.* (עב-איי-ליענ-איי′-
שאן) די איבערטראגונג ; די אבטרעטונג;
די ענטפרעמדונג ; די איבערגעבונג פון
אייגענטומסרעכט פון איינעם צום אנדע=
רען.

abalo′ne *n.* (ע-בא-לאו′-ני) א מין פיש
מיט א הארטער שאלעכץ ; מויער קאפ.

Abalone

abamu′rus *n.* (עב-ע-מיו′-ראס) א פער=
פעסטיגונג, א צווייטע וואנד צו פערפעס=
טיגען.

aban′don *v.* (ע-בענ′-דאן) 1. פערלאזען;
אוועקווארפען ; 2. נאכגעבען ; אויפגעבען ;
לאזען אין שטיך ; לאזען געהן, לאזען
געהן ווי עס געהט.

1. The sailors may **abandon** a sinking ship.

abandon′ *n.* (ע-באנ-דאן′) דאס פער=
לאזען ; דאס אין שטיך לאזען ; אויסגעלא=
סענהייט ; דאס האלטען זיך פריי.

aban′doned *a.* (ע-בענ′-דאנד) 1. פער=
לאזען; אויפגעגעבען; אוועקגעווארפען; 2.
אויסגעלאסען ; איבערגעבען צו זינד ; זינ=
דיג.

1. The general **abandoned** his position.

aban′doner *n.* (ע-בענ′-דאנ-ער) אן
אוועקווארפער ; א פערלאזער.

aban′doning *n. and a.* (ע-בענ′-דאנ-
אינג) 1. דאס פערלאזען ; אוועקווארפונג ;
2. פערלאזענדיג.

1. The **abandoning** of the friends of youth is contemptible.
2. **Abandoning** all its supplies, the army retreated.

aban′donment *n.* (ע-בענ′-דאנ-מענט)
דאס פערלאזען, דאס אויפגעבען, דאס אב=
טרעטען ; דאס פיהרען אן אויסגעלאסע=
נעם לעבען.

abarticula′tion *n.* (עב-אר-טיק-יו-
ליי′-שאן) לייכט בעוועגליכע גליעדער=
געלענקען.

abase′ *v.* (ע-בייס′) 1. ערנידעריגען ;
אראבזעצען ; אראבשלאגען פון מוטה ;
2. ארונטערקוקען אויף איינעם מיט פער=
אכטענדע בליקען.

1. Her look **abases** me. 2. Will she **abase** me?

abased′ *a.* (ע-בייסט′) דערנידערט, אראב=
געשלאגען פון מוטה.

abase′ment *n.* (ע-בייס′-מענט) דעמו=
טיגונג ; ערנידעריגונג ; נידערשלאגענהייט.

abash′ *v.* (ע-בעש′) פערשעמען ; אין
פערלעגענהייט ברייגגען.

abashed′ *a.* (ע-בעשט′) פערשעהמט ;
איינגעשראקען, אין פערלעגענהייט.

abash′ing *a.* (ע-בעש′-אינג) פערשעמענ=
דיג ; שטעלענדיג אין פערלעגענהייט.

abash′ment *n.* (ע-בעש′-מענט) פערלע=
גענהייט ; בעשטירצונג ; פערשעמונג.

aba′table *a.* (ע-ביי′-טעבל) וואס מען
קען ארונטעררייסען, אונגילטיג מאכען,
צושטערען ; אראבזעצען, אומשטויסען.

abate′ *v.* (ע-בייט′) 1. פערמינדערן ;
2. שטילען ; ערנידעריגען ; אראבשלאגען
פון מוטה; 3. ארונטערלאזען [פון פרייז];
אונגילטיג מאכען ; מיט אונרעכט אוועק=
נעהמען.

1. The evils of bad government can be **abated.**
3. He will **abate** from his original demand.

aba′ted *a.* (ע-ביי′-טעד) אבגעהאקט
[ווערט מייסטענס געברויכט אין שטיין=
הויערייי].

abate′ment *n.* (ע-בייט′-מענט) פערמינ=
דערונג ; ראבאט ; אראבלאזען פון פרייז ;
דעפיציט ; שטערענדער אומשטאנד; גרינג=
שעצונג ; די בעזיצנעהמונג פון א זאך,
אויף וועלכע מען האט קיין רעכט ניט ;
דיא אונגילטיגמאכונג ; קאסירונג פון א
משפט, דיא בעזייטיגונג פון אן איבעל.

aba′ter *n.* (ע-ביי′-טער) א פערמינדע=
רער ; א פערמינדערונגס מיטעל ; א מיל=
דערונגס מיטעל.

ab'atis *n.* (עב׳-ע-טיס) א באריקאדע פון בוימער מיט די שפיצען נעגען פיינד; א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

aba'tor *n.* (ע-ביי׳-טאר) א מענש וואס נעהמט עפעס צו מיט אונרעכט, אדער וואס ירש'ענט מיט אונרעכט.

ab'attis *n.* (עב׳-ע-טיס) באריקאדע פון בוימער מיט דיא שפיצען נעגען פיינד, א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

abattoir' *n.* (ע-בע-טו-אר׳) א שלאכט-הויז.

abb *n.* (עב) [גארען] פאדים אזא זארט ביים וועבען; אזא זארט וואלען-שטאף.

ab'ba *n.* (עב׳-ע) א פאטער.

ab'bacy *n.* (עב׳-ע-סי) די אמט פון אן אויפזעהער איבער א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

abba'tial *a.* (עב-איי׳-שעל) וואס איז שייך צו אן אויפזעהער פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bé *n.* (עב׳-איי) אן אויפזעהער, אדער א הויפט פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bess *n.* (עב׳-עס) אן אויפזעהערין איבער א קלויסטער פון מאנאשקעס.

ab'bey *n.* (עב׳-ע) א קלויסטער, א מאנאסטיר.

ab'bey-lout *n.* (עב׳-ע-לאוט) א דומער יונג.

ab'bey-lub'ber *n.* (עב׳-ע-לאב׳-ער) א דיקער, פוילער מאנאך.

ab'bot *n.* (עב׳-אט) א קלויסטער-אויפזעהער [א גייסטליכער וואס האט צו זאגען איבער א מאנאסטיר].

ab'bot-gen'eral *n.* (עב׳-אט-דזשענ׳-ע-רעל) דער הויפט-אויפזעהער פון די קלויסטערס אדער מאנאסטירען פון א מאנאכען ארדען.

ab'bot in commen'dam (עב׳-אט אין קא-מענ׳-דעם) א פריוואט פערזאן, וואס האט דעם טיטול פון א קלויסטער אויפזעהער.

ab'botship *n.* (עב׳-אט-שיפ) דער אמט פון א קלויסטער אויפזעהער.

abbre'viate *v.* (ע-ברי׳-ווי-אייט) אבקירצען; מאכען קירצער, שרייבען מיט ראשי תבות.

abbre'viated *a.* (ע-ברי׳-ווי-איי-טעד) אבגעקירצט, געשריבען מיט ראשי תבות.

abbre'viately *adv.* (ע-ברי׳-ווי-אייט-לי) אין קורצען.

abbre'viation *n.* (ע-ברי׳-ווי-איי-שאן) אבקירצונג; ראשי תבות.

N. Y. is an **abbreviation** of New York.

abbre'viator *n.* (ע-ברי׳-ווי-איי-טאר) אן אבקירצער [איינער וואס פערקירצט וואס אנדערע האבען געשריבען]; א שרייבער אין דעם פאפסט'ס קאנצעליאריע.

abbre'viatory *a.* (ע-ברי׳-ווי-איי-טא-רי) אבקירצענדיג.

abbre'viature *n.* (ע-ברי׳-ווי-איי-טשור) אבקירצונג, אבקירצונגס-צייכען.

abb'-wool *n.* (עב׳-הוואול) אזא זארט דינער וואלען-שטאף.

a-b-c *n.* (איי-בי-סי) דאס א-בע-צע, אז-בוקע.

ab'dicable *a.* (עב׳-די-קעבל) וואס קען אבגעזאגט ווערען, וואס דארף אבדאנקען; וואס קען אראבגעזעצט ווערען.

ab'dicant *n.* (עב׳-די-קענט) איינער וואס זאגט זיך אב פון אן אמט; א קעניג וואס זאגט זיך אב פון טראהן; איינער וואס פערשטויסט זיינע קינדער.

ab'dicate *v.* (עב׳-די-קייט) אבזאגען; אבדאנקען; אויסשליסען [פון פאמיליע]; זיך צוריקציהען; רעזיגנירען.

Abdul-Hamid **abdicated** the throne of Turkey to his brother.

ab'dicated *a.* (עב׳-די-קיי-טעד) אבגעדאנקט, אבגעזאגט זיך פון טראהן.

abdica'tion *n.* (עב-די-קיי׳-שאן) ענטזאגונג; דאס אבזאגען זיך פון אן אמט, דאס אבזאגען זיך פון טראהן.

The **abdication** of the king of Servia pleased his subjects.

ab'dicative *a.* (עב׳-די-קיי-טיוו) וואס פעראורזאכט דאס אבזאגען זיך אדער אבדאנקען פון אן אמט.

ab'dicator *n.* (עב׳-די-קיי-טאר) איינער וואס זאגט זיך אב; איינער וואס דאנקט אב פון אן אמט.

abdo'men *n.* (עב-דאו׳-מען) דאס אונטערלייב, בויך.

abdom'inal *a.* (עב-דאמ׳-אי-נעל) וואס געהערט צום אונטערלייב; וואס געהערט צום בויך.

abdom'inal aor'ta (עב-דאמ׳-אי-נעל איי-אר׳-טא) דער גרויסער פולס-אדער וואס געהט דורך׳ן בויך און פערצווייגט זיך אין צוויי קלענערע פולס-אדערען, וועלכע געהען אריין אין די פיס. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

Abdomina'les *n.* (עב-דאם-אי-ניי׳-ליז) פיש מיט פלוספעדערען אויפ׳ן בויך.

abdom'inally *adv.* (עב-דאמ׳-אי-נעל-אי) אויף אדער ארום דעם בויך.

abdom'inal re'gions (עב-דאמ׳-אי-נעל רי׳-דזשאנז) די בויך-געגענדען [די פערשיעדענע טיילען פון בויך ווי זיי ווערען איינגעטיילט אין דער אנאטאמיע].



Abdominal Regions

abdom'inal respira'tion (עב-דאמ׳-אי-נעל רעס-פי-ריי׳-שאן) א טיפעס אטהעמען, ביי וועלכען עס בעמערקט זיך א בעוועגונג פון בויך.

abdom'inal ring (עב-דאמ׳-אי-נעל רינג) אן אינערליכע עפענונג אין דער בויך וואנד נעבען דיך [ירך]. וואו דיא געשלעכטליכע טיילען געהען דורך.

abdom'inous *a.* (עב-דאמ׳-אי-נאס) וואס איז שייך צום אונטערלייב, צום בויך; א דיקבייכיגער.

abdu'cent *a.* (עב-דיו׳-סענט) אבציהענדיג [א מעדיצינישער אויסדרוק].

Abducent muscles.

abduct' *v.* (עב-דאקט׳) אבציהען, אבווענדען; אוועקפיהרען א מענשען מיט געוואלד; אוועקרויבען א מענשען.

abduc'tion *n.* (עב-דאק׳-שאן) דאס אוועקרויבען א מענשען; א ביינברוך אין געלענק, די טהעטיגקייט פון די אבציהענדע מוסקעלען; די פאדערונג פון אן אנדער בעווייז.

abduc'tor *n.* (עב-דאק׳-טאר) דער אבציה-מוסקעל; דער אוועקפיהרער, דער אוועקרויבער.

abeam' *adv.* (ע-ביעם׳) קווער, פאפעריק [ביי שיפען].

abear' *v.* (ע-בעהר׳) אריבערטראגען; דולדען.

abeceda'rian *n.* (איי-בי-סי-דיי׳-רי-ען) אן אלף-בית מלמד, א מקרי דרדקי; אן אלף-בית אינגעל; אן אלף-בית, אן א-בע-צע.

abed' *adv.* (ע-בעד׳) אין בעט, צו בעט.

To be **abed** early, makes one rise betimes.

abele' *n.* (ע-ביל׳) [אזא דער ווייספאפעל בוים וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

a'belmosk *n.* (איי׳-בעל-מאסק) ביזעם-קערנער, ביזעמבוים [א קליין בוימעל מיט בעשטענדיג גרינע בלעטער. אויף איהם וואקסען אזעלכע שמעקעדיגע קערנער, וואס ווערען געברויכט אין פארפיום].

a'bel-tree *n.* (איי׳-ביל-טרי) ווייספאפעל [אזא בוים, וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

aber'devine *n.* (ע-בויר׳-דע-וואין) דער טשיזשיק [אזא קליין פויגעלע].


Aberdevine

aberr' *v.* (עב-אויר׳) ארומוואנדערען, בלאנדזשען.

aber'rance *n.* (עב-ער׳-ענס) אן אירטום, א טעות; דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר.

aber'rancy *n.* (עב-ער׳-ענ-סי) אן אירטום, א טעות; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בלאנדזשען.

aber'rant *a.* (עב-ער׳-ענט) אבווייכענדיג, בלאנדזשענדיג; וואס בלאנדזשעט, וואס געהט אראב פון דרך הישר, נישט נארמאל.

aber'rate *v.* (עב-ער׳-אייט) וואנדערען, בלאנדזשען; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

aberra'tion *n.* (עב-ער-איי׳-שאן) 1. דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר; די אבווייכונג פון אמת אדער פון דער נאטירליכקייט; 2. די שיינבארע בעוועגונג פון די אונבעוועגליכע הימעלסקערפער; 3. די צושפרייטונג פון די ליכטשטראהלען אין א שפאקטיוו.

1. He suffered from an **aberration** of the mind.

aberra'tional *a.* (עב-ע-ריי׳-שאנ-על) וואס בלאנדזשעט, וואס אירט זיך.

aberra'tion of in'tellect (עב-ער-איי׳-שאן אוו אינ׳-טע-לעקט) אירזין, משוגעת.

aberun'cator *n.* (עב-אויר-אנ׳-קיי-טאר) אזא גראב-אייזען צום אויסראטען גראז פון אן ארט; אזא גארטען-שער אבצושערען צווייגען פון בוימער.

abet' *v.* (ע-בעט׳) אנרייצען; אנהעצען; ערמוטיגען צו טהאן עפעס שלעכטס.

He was aided and **abetted** in the crime.

abet'ment *n.* (ע-בעט׳-מענט) דאס צוהעלפען; די אנצייגונג; דאס העצען; ערמוטיגונג, אונטערשטיצונג; לייסטונג.

abet'ting *n. and a.* (ע-בעט׳-אינג) 1. דאס צוהעלפען, די אנרייצונג, דאס העצען; 2. צוהעלפענדיג, אנרייצענדיג, אנהעצענדיג.

1. Aiding and **abetting** criminals is punished as a crime. 2. Corrupt officials are often **abetting** criminals.

abet'tor *n.* (ע-בעט׳-אר) אנרייצער;

מיט־שולדיגער [אין ראטה, ניט אין טהאט] ; אונטערשטיצער ; איינער וואס ערמוטיגט צו בעגעהן א פערברעכען.

abevacua'tion *n.* (עב־ע־ווע־קיו־איי־שאן) טיילווייזע אויסלעדיגונג [מעדיצינישער אויסדרוק].

ab ex'tra (עב עקס־טרא) פון אויסווענדיג.

abey'ance *n.* (ע־ביי־ענס) 1. די געריכטליכע אבהאלטונג פון א ירושה ביז מען געפינט דעם ריכטיגען יורש ; אבווארטונג ; 2. אונגעוויסהייט, צווייפעל, דאס צווייפלען פון א ריכטער ווי ארויסצוגעבען זיין אורטייל.
2. The decision of the judge is still in abeyance.

abhor' *v.* (עב־האר') פעראבשייען, האסען; מיט פעראכטונג ענטזאגען.
The modern age **abhors** war.

abhor'rence *n.* (עב־האר'־ענס) פעראבשייאונג, האס ; פעראכטונג.
We look with **abhorrence** at a murderer.

abhor'rency *n.* (עב־האר'־ענ־סי) פעראבשייאונג, פעראכטונג.

abhor'rent *a.* (עב־האר'־ענט) פעראבשייענד, האסענד.

abhor'rently *adv.* (עב־האר'־ענט־לי) אבשייליך, עקעלדיג.

abhor'rer *n.* (עב־האר'־ער) א פעראבשייער, א פעראכטער.

abhor'rible *a.* (עב־האר'־איבל) פעראכטונגסווערטה.

abhor'ring *n. and a.* (עב־האר'־אינג) די פעראכטונג, די פעראבשייאונג ; פעראכטענדיג.

abide' *v.* (ע־באיד') 1. אבווארטען ; שטעלען [אבלעגען אויף שפעטער]; פערבלייבען [אויף א פלאץ] ; וואהנען ; אויסווארטען ; 2. האלטען א פערשפרעכען.
1. Let the lady **abide** with us a few days. 2. I shall **abide** by my promise.

abi'der *n.* (ע־באי'־דער) דער בלייבענדער, דער אויסווארטענדער.

abi'ding *a.* (ע־באי'־דינג) 1. וואהנענד, פערבלייבענד ; 2. פארטזעצענד.
1. I am **abiding** in this place. 2. My interest in studies is **abiding**.

abi'dingly *adv.* (ע־באי'־דינג־לי) בלייבענדיג, דויערענדיג, וואהנענדיג.

abi'ding-place *n.* (ע־באי'־דינג־פליים) וואהנונגס־ארט ; אויפהאלטונגס־פלאץ.

abiet'ic *a.* (עב־אי־עט'־איק) וואס איז שייך צו א טאנענבוים.

abiet'ic ac'id (עב־אי־עט'־איק עס'־איד) א זויערע געמאכט פון דעם פעך, וואס רינט פון טאנענבוימער.

ab'igail *n.* (עב'־אי־גייל) אן אויפווערטערין ; א קאמער־מערכען.

abil'ity *n.* (ע־ביל'־אי־טי) 1. מיטעל ; מעגליכקייט ; פעהיגקייט ; אייגענשאפט ; 2. טאלאנט ; דאס אימשטאנד זיין אויפצופיהרען א גרויסע אונטערנעהמונג.
1. His financial **ability** is good. 2. He is a man of **ability**.

ab init'io (עב אי־ניש'־אי־או) פון אנהויב.

abintes'tate *a.* (עב־אין־טעס'־טייט) שטארבענדיג אהן א צוואה.

ab in'tra (עב אינ'־טרא) פון אינווענינ.

abiogen'esis *n.* (עב־אי־או־דזשענ'־ע־סיס) דאס ענטשטעהן, בעשאפען ווערען פון זיך אליין [דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאף].

abiolog'ical *a.* (עב־אי־א־לאדזש'־איק־על) וואס איז שייך צו שטאף, וואס קומט ניט פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

accused' *n.* (ע-קיוזד') דער בעשולדיגטער, דער אנגעקלאגטער.

The **accused** spoke in his own defence.

accu'ser *n.* (ע-קיו'-זער) קלעגער.

accu'singly *adv.* (ע-קיו'-זינג-לי) אנקלאגענדיג, בעשולדיגענדיג.

accus'tom *v.* (ע-קאס'-טאם) צוגעוועהנען, געוועהנט זיין.

Time **accustoms** us to hardships.

accus'tomable *a.* (ע-קאס-טאם-עבל) וואס קען זיך צופאסען אדער צוגעוועהנען.

accus'tomably *adv.* (ע-קאס-טאם-ע-בלי) אין בעצוג צו געוועהנהייט.

accus'tomary *a.* (ע-קאס-טאם-ע-רי) פאסענד, געוועהנליך; לויט דעם מנהג, לויט געוועהנהייט.

accus'tomed *a.* (ע-קאס'-טאמד) צוגעוועהנט, איינגעוועהנט.

He is to be found in his **accustomed** place.

accus'tomed busi'ness (ע-קאס-טאמד ביז'-נעס) א געשעפט וואס האט קונדען; אן איינגעפיהרט געשעפט.

ace *n.* (אייס) א טויז [אין קארטען]; א קליינינקייט; א טראפעלע; א פונקט; אן איינהייט [פון געוויכט אדער מאס].



Aces

ace'dia *n.* (ע-סי'-די-ע) אזא אוננארמאלער גייסטיגער צושטאנד וואס בעשטעהט אין אבגעלאזענקייט, אונאויפמערקזאמקייט, ניט האבען קיין אינטערעס אין קיין זאך, א. ז. וו.

acen'tric *a.* (ע-סענ'-טריק) ניט אין מיטעלפונקט; אהן א מיטעלפונקט.

ace of spades (אייס אוו ספיידז) אן אלמנה; טויז פיק.

Aceph'ala *n.* (ע-סעפ'-ע-לא) די אסע־פאלען [אזא מין ווייכע שליימיגע שא־לעכץ חיה'לעך אהן קעפ].

acepha'lia *n.* (עס-ע-פיי'-לי-א) דאס ניט האבען קיין קאפ.

aceph'alous *a.* (ע-סעפ'-ע-לאס) 1. אהן א קאפ; 2. אהן א ריכטיגען פיהרער; 3. אהן א ריכטיגען אנפאנג אדער טהעמא [אין רעדען אדער שרייבען].
2. An acephalous group of men.

ace'-point *n.* (אייס־פאינט) א טויז אין קארטען; פונקט איינס אויף א שפיעל־ווירפעל [דאיס].

Ac'era *n.* (עס'-ע-רא) אזא מין מאלוס־קעלען [ווייכע שליימיגע חיה'לעך] וואס ליגענען אין מושלען.

ac'erate *a.* (עס'-ע-רייט) שפיציג, שטע־כיג [אזוי ווי א נאדעל].

acerb' *a.* (ע-סוירב') ביטער; הארט; זויער; שארף [אין טעם]; שטרענג; ניט רייף.

acer'bate *v. and a.* (ע-סויר'-בייט) פערביטערען, זויער מאכען, ארויסברייענגען פון געדולד; פערזויערט, שארף.

acer'bity *n.* (ע-סויר'-בי-טי) ביטער־קייט; שטרענגקייט; שארפקייט; זויער־קייט.

acerb' speech (ע-סוירב' ספיטש) א שארפע רעדע.

ac'erose *a.* (עס'-אי-ראוס) נאדעל־פער־מיג [בענוצט פיר בעצייכנונג פון פלאנ־צען בלעטער].
Some plants have acerose leaves.



Acerose Leaves

ac'erous *a.* (עס'-אי-ראס) *acerose* ז.

acer'val *a.* (ע-סויר'-וועל) ענהליך צו א קופע, א הויפען.

acer'vate *v. and a.* (ע-סויר'-וויים) אנלעגען אין קופעס, אין הויפענס; וואס וואקסט אין בינטלעך.

acerva'tion *n.* (ע-סויר-וויי'-שאן) דאס צונויפקלייבען אין קופעס, אין הויפענס.

aces'cence *n.* (ע-סעס'-ענס) פערזויער־טעם.

aces'cency *n.* (ע-סעס'-ענ-סי) *acescence* ז.

aces'cent *a.* (ע-סעס'-ענט) זויערליך.

acetab'ulum *n.* (עס-ע-טעב'-יו-לאם) די געלענק אויסהעהלונג.

aceta'rious plants (עס-אי-טיי'-רי-אס פלענטס) סאלאט־פלאנצען.

ac'etary *n.* (עס'-ע-טע-רי) אזא זויערע וואס געפינט זיך אין געוויסע פרוכטען.

ac'etate *n.* (עס'-ע-טייט) א זויערער זאלץ.

ac'etated *a.* (עס'-ע-טיי-טעד) מיט עסיג געזויערט.

acet'ic *a.* (ע-סעט'-איק) זויער ווי עסיג; האבענדיג די אייגענשאפט פון עסיג.

acet'ic ac'id (ע-סעט'-איק עס'-איד) עסיג־עסענץ; א שטארקע זויערע פליסיג־קייט, פון וועלכער עס ווערט געמאכט עסיג.

acet'ic e'ther (ע-סעט'-איק אי'-טהער) אזא פליסיגקייט וואס האט אן ערפרישענ־דען אנגענעהמען ריח און אן אנגענעהמען ברענענדען געשמאק.

acetifica'tion *n.* (ע-סעט-אי-פי-קיי'-שאן) דאס זויער מאכען, פערזויערונג.

acet'ify *v.* (ע-סעט'-אי-פאי) פערזויע־רען; מאכען דעם טעם פון עסיג; ווערען זויער ווי עסיג.

acetim'eter *n.* (עס-ע-טימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטאר־קייט פון עסיג.

acetim'etry *n.* (עס-ע-טימ'-עט-רי) דאס מעסטען די שטארקייט פון עסיג.

ac'etin *n.* (עס'-ע-טין) [א אצעטין כעמישע פערבינדונג וועלכע בעשטעהט פון איין מאלעקול גליצערין און איין אדער צוויי אדער דריי מאלעקולען עסיג־עסענץ].

ac'eto-gel'atin *a.* (עס'-ע-טאו־דזשעל'-ע-טין) וואס ענטהאלט עסיג־זויערע מיט זשעלעטין.

ac'etone *n.* (עס'-ע-טאון) [אזא אצעטאן כעמישע פליסיגקייט מיט אן אנגענעהמען ריח און א ברענענדען געשמאק].

acetone'mia *n.* (עס-ע-טא-ני'-מי-ע) אזא קראנקהייט וועלכע קומט פון דעם אריינדרינגען פון אצעטאן [א געוויסע כע־מישע פליסיגקייט] אין דאס בלוט.

ac'etose *a.* (עס'-ע-טאוס) זויער, זויער־ליך.

acetos'ity *n.* (עס-ע-טאס'-אי-טי) זויער־ליכקייט.

ac'etous *a.* (עס'-ע-טאס) זויער; וואס האט א זויערען געשמאק.

ac'etous fermenta'tion (עס'-ע-טאס פויר-מען-טיי'-שאן) דער פראצעס ביי וועלכען ביער אדער וויין ווערט זויער.

ace'tum *n.* (ע-סי'-טאם) עסיג.

acet'ylene *n.* (ע-סעט'-אי-לין) אצעטי־לען [אזא פארבלאזער גאז וואס האט אן אונאנגענעהמען ריח און ברענט מיט זעהר א העלען פלאם].

acetyliza'tion *n.* (עס-ע-טיל-אי-זיי'-שאן) דער פראצעס פון א כעמישער פער־בינדונג מיט עסיג־זויערע.

ach *n.* (עטש) אן אינדישער מוילבער־בוים.

ache *n. and v.* (אייק) פיין, שמערץ, וועהטאג; ליידען יסורים; וועה טהאן; שמערצען.

Ach'eron *n.* (עק'-ע-ראן) דער טייך אכעראן איבער וועלכען כאראן פלעגט פיה־רען די נשמות [אין דער גריכישער מי־טאלאגיע]; די אונטערוואר׳דישע וועלט.

achiev'able *a.* (ע-טשיוו'-עבל) אויס־פיהרבאר, ערריייכבאר.
An ambition to become educated is achievable in the United States.

achiev'ance *n.* (ע-טשיוו'-ענס) די אויספיהרונג פון א טהאט, די דערפיה־רונג ביז צום סוף; א גרויסע טהאט.

achieve' *v.* (ע-טשיוו') אויספיהרען, ערריייכען.
Hard work achieves results.

achieve'ment *n.* (ע-טשיוו'-מענט) אויספיהרונג, אויסצייכנונג.
The discovery of the North Pole was an achievement.

achiev'er *n.* (ע-טשיוו'-ער) אן אויספיה־רער; איינער, וואס ערריייכט זיין ציעל.

achi'lary *a.* (ע-קאי'-לא-רי) אהן ליפען.

achille'ic ac'id (עק-אי-לי'-איק עס'-איד) אזא כעמיישע זויערע וועלכע ווערט גענומען פון בלעטער פון געוויסע פלאנצען; עקאניט זויערע.

achille'in *n.* (עק-אי-לי'-אין) אזא כע־מישער שטאף מיט א זעהר ביטערען גע־שמאק [ווערט בענוצט אין מעדיצין].

achi'lous *a.* (ע-קאי'-לאס) אהן ליפען.

ach'ing *a.* (אייק'-אינג) שמערצהאפט; וואס טהוט וועה.

ach'ing void (אייק'-אינג וואיד) אונ־טרייסטבארער פערלוסט.
Dr. Herzl's death has left an aching void among his followers.

achi'ria *n.* (ע-קאי'-רי-ע) דאס נים האבען קיין הענד.

achlamyd'eous *a.* (עק-לע-מיד'-אי-אס) נאקעט, אהן א הילע [ווערט גע־ברויכט נור ביי פלאנצען].

a'chor *n.* (איי'-קאר) א פארך אויפ'ן קאפ, א גרינדע; שקרופעל.

achromat'ic *a.* (עק-רא-מעט'-איק) אכראמאטיש, פארבלאז; דורכזיכטיג.
The best spectacles are made from achromatic glass.

achromat'ically *adv.* (עק-רא-מעט'-אי-קעל-אי) *achromatic* ז.

achromat'ic conden'ser (עק-רא-מעט'-איק קאנ-דענ'-סער) אזא אויסגע־שליפענע גלאז אין א מיקראסקאפ צו קאנ־צענטרירען די ליכט־שטראהלען.

achromat'ic glas'ses (עק-רא-מעט'-איק גלעס'-עז) אכראמאטישע גלעזער [פארבלאזע, אהן א קאליר].

achromat'ic lens (עק-רא-מעט'-איק לענס) אן אכראמאטישע לינזע [אזא גלאז, זוי פון ברילען, אזוי אויסגעשליפען, אז דאס ליכט וואס געהט דורך איהר דורך איז פארבלאזען].

achromatop'sia *n.* (עק-רא-מעט-אפ'-סי-ע) פארבענבלינדהייט [אזא אויגענ־קראנקהייט, וואס שטערט צו דערקענען, אדער זעהן די ריכטיגע פארבען פון א זאך].

achro'matopsy *n.* (עק-ראו'-מעט-אפ-סי) *achromatopsia* ז.

achro'matous *a.* (ע-קראו'-מע-טאס) אהן א קאליר; פון א העלערען קאליר ווי נארמאל.

achron'ic *a.* (עק-ראנ'-איק) וואס איז שייך צום ערשיינען פון די שטערן ביי זונאונטערגאנג און זייער פערשווינדען ביי זונאויפגאנג.

achron'ical *a.* (עק-ראנ'-איק-על) *achronic* ז.

acic'ula *n.* (ע-סיק'-יו-לע) שטעכיגע האר; נאדלען, א דינע געוויקס אויף א פלאנץ אדער חיה.

acic'ular *a.* (ע-סיק'-יו-לאר) נאדעל־פערמיג.

acic'uliform *a.* (ע-סיק'-יו-לי-פארם) *acicular* ז.

ac'id *n.* (עס'-איד) די זויערקייט; די זויערע.

acid'ic *a.* (ע-סיד'-איק) וואס האט אין זיך א סך זויערקייט.

acidif'erous *a.* (עס-איד-איפ'-ער-אס) וואס ענטהאלט אין זיך א זויערקייט.

acid'ifiable *a.* (ע-סיד'-אי-פאי-עבל) וואס פערזויערט.

acid'ifiant *a.* (ע-סיד'-אי-פי-ענט) *acidifiable* ז.

acidif'ic *a.* (ע-סיד-איפ'-איק) *acidifiable* ז.

acidifica'tion *n.* (ע-סיד-אי-פי-קיי'-שאן) דאס זויער ווערען; די פערזויע־רונג.

acid'ifier *n.* (ע-סיד'-אי-פאי-ער) א

פערזוייערער; א שטאף, וואס פעראור־זאכט פערזויערונג.

acid'ify *v.* (ע־סיד׳־אי־פאי) זויערען, אין א זויערקייט פערוואנדלען.

acidim'eter *n.* (עס־אי־דימ׳־ע־טער) אן איסטרומענט צו פּרובירען די שטאר־קייט און ריינקייט פון זויערע פליסיגקיי־טען.

acidimet'ric *a.* (עס־אי־די־מעט׳־ריק) וואס האט א שייכות מיט דעם פּראבירען די שטארקייט פון זויערע פליסיגקייטען.

acidimet'rical *a.* (עס־אי־די־מעט׳־ריק־על) ז. *acidimetric*

acidim'etry *n.* (עס־אי־דימ׳־ע־טרי) דאס פּרובירען די שטארקייט פון זויער־קייטען.

acid'ity *n.* (ע־סיד׳־אי־טי) זויערקייט, שארפקייט [אין טעם].

ac'idness *n.* (עס׳־איד־נעס) ז. *acidity*

acidom'eter *n.* (עס־אי־דאמ׳־ע־טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די שטאר־קייט פון זויערען.

acid'ulæ *n.* (ע־סיד׳־יו־ליע) שפּרינג־ברונעמער פון זויערען מינעראל וואסער.

acid'ulate *v.* (ע־סיד׳־יו־לייט) זויער מאכען; דאס לעבען זויער מאכען.

Life becomes **acidulated** by long suffering.

acid'ulated drops (ע־סיד׳־יו־ליי־טעד דראפּס) ציטראן־באנבאנס [זויערע צו־קערקעס].

acid'ule *n.* (ע־סיד׳־יול) אצידול, אי־בער־זויערע זאלץ [אזא כעמישער שטאף].

acid'ulent *a.* (ע־סיד׳־יו־לענט) זויער, פערזויערט; זויער צו מוט, פערדריסליך.

acid'ulous *a.* (ע־סיד׳־יו־לאס) זויער־ליך; שארפליך.

acid'ulous wa'ter (ע־סיד׳־יו־לאס וואה׳־טער) אזא זויער מינעראל־וואסער.

acid'ulum *n.* (ע־סיד׳־יו־לאם) ז. *acidule*

ac'ierage *n.* (עס׳־אי־ע־ריידזש) דאס בע־דעקען א מעטאל מיט אן אייזען־שיכט דורך אן עלעקטרישען פּראצעס.

ac'iform *a.* (עס׳־אי־פארם) נאדעל־פערמיג.

acina'ceous *a.* (עס־אי־ניי׳־שיאס) פול מיט קערנער, יאדרעס.

acin'aciform *a.* (ע־סינ׳־ע־סי־פארם) עהנליך צו א שווערד, וואס האט די פארם פון א שווערד.

acin'iform *a.* (ע־סינ׳־אי־פארם) טרויבענפערמיג, עהנליך צו וויינטרויבען.

ac'inose *a.* (עס׳־אי־נאוס) טרויבענפער־מיג, פול מיט קערנער.

ac'inous *a.* (עס׳־אי־נאס) ז. *acinose*

ac'inus *n.* (עס׳־אי־נאס) א קערענדעל, א יאדרע; קערען פון א וויינטרויב; אן איינצעלנע וויינטרויב אין א בינטעל.

acknowl'edge *v.* (עק־נאל׳־עדזש) 1. אנערקענען; 2. מודה זיין; 3. בעשטע־טיגען.

1. The world **acknowledges** the greatness of Abraham Lincoln. 2. I **acknowledge** my mistake. 3. He **acknowledged** the receipt of my letter.

acknowl'edge a deed (עק־נאל׳־עדזש ע דיעד) די בעשטעטיגונג פון אן אונטערשריפט אויף אן אבמאך דורך אן אפיציעלען רעגיערונגס בעאמטען [הויפּט־זעכליך ביים פערקויף פון הייזער און לאנד].

acknowl'edged *a.* (עק־נאל׳־עדזשד) אנערקענט, בעשטעטיגט.

acknowl'edging *a.* (עק־נאל׳־עדזש־אינג) דאנקבאר.

acknowl'edgment *n.* (עק־נאל׳־עדזש־מענט) אנערקענונג; בעשטעטיגונג.

ac'me *n.* (עק׳־מי) דער העכסטער פּונקט, דער שפּיץ, דער העכסטער קריזיס [אין א קראנקהייט].

The hero reached the **acme** of popularity.

ac'na *n.* (עק׳־נע) א פּרישץ אויפ׳ן גע־זיכט.

ac'ne *n.* (עק׳־ני) ז. *acnæ*

acold' *a.* (ע־קאולד׳) קאלט, פערקיהלט.

acol'ogy *n.* (ע־קאל׳־א־דזשי) די לעה־רע פון היילמיטעל.

Acoloi'thus *n.* (עק־א־לאי׳־טהאס) אזא מין מאטען־פליגען.

acol'othist *n.* (ע־קאל׳־א־טהיסט) דער אקאלוט, א שמש אין א קירך, דער הזכרה־מאכער אין א קירך, א העלפער, א בעגלייט־טער, א קלויסטער־ברודער.

ac'olyte *n.* (עק׳־א־לאיט) ז. *acolothist*

ac'olyth *n.* (עק׳־א־ליטה) ז. *acolothist*

acolyth'ical *a.* (ע־קא־ליטה׳־אי־קעל) וואס איז שייך צו אן אקאליט. ז. *acolothist*

acon'dylous *a.* (ע־קאנ׳־די־לאס) אהן קנעכלעך אדער געלענקען.

acon'ic *a.* (ע־קאנ׳־איק) וואס איז שייך צו וואלף־וואורצעל. ז. *aconite*

acon'itate *n.* (ע־קאנ׳־אי־טייט) אזא כעמישער זאלץ.

ac'onite *n.* (עק׳־א־נאיט) וואלף־וואור־צעל [אזא גיפטיג גראז].

aconit'ic ac'id (עק־א־ניט׳־איק עס׳־איד) עקאניט־זויערע [אזא כעמי־שער שטאף, ער גע־פינט זיך אויך אין פערשיעדענע פלאנ־צונגען].

Aconite

acon'itin *n.* (ע־קאנ׳־אי־טין) עקא־ניטין [אזא מין העכסט ביטערער, גיפ־טיגער שטאף, וואס ווערט געמאכט פון די ווארצלען פון א געוויסען בוים].

acon'itine *n.* (ע־קאנ׳־אי־טין) ז. *aconitin*

Aconi'tum *n.* (עק־א־נאי׳־טאם) ז. *aconitin*

a'corn *n. and v.* (איי׳־קארן) אייכעל־נוס, חזירשער נוס, עסען חזיר־נים.

a'corn-cup *n.* (איי׳־קארן־קאפּ) דאס שאלכעל פון א חזיר־נוס.

a'corned *a.* (איי׳־קארנד) פול מיט חזיר־נים; אבגעקארמעט מיט חזיר־נים.

a'corn-oil *n.* (איי׳־קארן־איל) אויל וואס ווערט געמאכט פון חזיר־נים.

a'corn-shell *n.* (איי׳־קארן־שעל) אזא מושעל וואס האט עהנליכקייט צו א זארט אייכעל.

Acorn-Shell

Ac'orus *n.* (עק׳־א־ראס) אזא מין שמעקעדיגע, זיסע ראהר.

acos'mism *n.* (ע־קאז׳־מיזם) די פילאזאפישע טעא־ריע וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון א וועלט אויסער גאט [די בעהויפּ־טונג, אז גאט איז די וועלט און אז אוי־סער גאט עקזיסטירט ניט קיין בעזונדערע וועלט].

acos'mist *n.* (ע־קאז׳־מיסט) איינער וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון א וועלט אויסער גאט.

acosmis'tic *a.* (ע־קאז־מיס׳־טיק) וואס איז שייך צו דער טעאריע וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון א וועלט אויסער גאט.

acotyle'don *n.* (ע־קאט־אי־לי׳־דאן) א פלאנצע, וואס האט ניט קיין קיים־בלעטער [זריעה בלעטער].

acotyle'donous *a.* (ע־קאט־אי־לי׳־דאנ־אס) אהן זריעה בלעטער.

The oak is **acotyledonous.**

acou'chy *n.* (ע־קו׳־שי) אזא חיה׳לע וואס גראבט אין דער ערד.

Acouchy

acou'meter *n.* (ע־קו׳־מע־טער) אן איני־סטרומענט צו מעסטען די הער־קראפט [חוש השמיעה].

acou'metry *n.* (ע־קו׳־מעט־רי) דאס מעסטען פון דער הער־קראפט [חוש השמיעה].

acou'phone *n.* (ע־קו׳־פאון) אן איסטרו־מענט צו ווידערהאלען און צו פערשטאר־קען דעם קלאנג פון עפּעס.

Those who cannot hear well, use some sort of an **acouphone.**

acous'tic *n. and a.* (ע־קוס׳־טיק) אקוס־טיק; וואס האט א שייכות צום געהער [חוש השמיעה].

acous'tical *a.* (ע־קוס׳־טיק־על) ז. *acoustic*

acous'tic duct *n.* (ע־קוס׳־טיק דאקט) די אויסערע געהער־רעהר פון אויער.

acous'tic in'strument (ע־קוס׳־טיק אינ׳־סטרו־מענט) א הער־ראהר.

acous'tic nerve (ע־קוס׳־טיק נוירוו) געהער־נערוו.

acous'tics *n.* (ע־קוס׳־טיקס) אקוסטיק; די לעהרע פון קלאנג.

ac'qua *n.* (אק׳־הווא) ז. *aqua*

acquaint' *v.* (ע־קהווינט׳) 1. בעקאנט־מאכען; 2. מיטטיילען, לאזען וויסען.

1. I shall **acquaint** you with my friends. 2. I shall **acquaint** you with the facts in the case.

acquaint'ance *n.* (ע־קהוויינט׳־ענס) 1. בעקאנטשאפט; 2. בעקאנטער.

1. His **acquaintance** with English literature is broad. 2. He is an old **acquaintance** of my father.

acquaint'anceship *n.* (ע־קהוויינט׳־ענס־שיפּ) בעקאנטשאפט; בעקאנטער.

acquaint'ant *n.* (ע־קהוויינט׳־ענט) בע־קאנטער.

acquain'ted *a.* (ע־קהויינ׳־טעד) וואס איז בעקאנט, וואס וויים.

acquain'ted with (ע־קהויינ׳־טעד הוויטה) בעקאנט זיין מיט... בעקאנט גע־מאכט מיט...

He **acquainted** his brother **with** my sister.

acquest' *n.* (ע־קהוועסט׳) ערווערבונג; א זאך ערווארבען דורך מאכט.

acquiesce' *v.* (עק־הווי־עס׳) איינווילי־גען; נאכגעבען; זיך צופרידען שטעלען.

We must **acquiesce** in the will of God.

acquies′cence *n.* (עק-הווי-עס′-ענס) איינוויליגונג; נאכגעביגקייט.

acquies′cency *n.* (עק-הווי-עס′-ענ-סי) ז. *acquiescence*

acquies′cent *a.* (עק-הווי-עס′-ענט) נאכגעביג.

acquies′cently *adv.* (עק-הווי-עס′-ענט-לי) דורך נאכגיביגקייט.

acquirabil′ity *n.* (ע-קהוואיר-ע-ביל′-אי-טי) דאס זיין עררייכבאר.

acquir′able *a.* (ע-קהוואיר′-עבל) עררייכבאר, וואס קען ערווארבען ווערען.
Good manners are **acquirable**.

acquire′ *v.* (ע-קהוואיר′) ערווערבען; ערריייכען; קריגען.
This dictionary helps one to **acquire** a knowledge of English.

acquire′ment *n.* (ע-קהוואיר′-מענט) ערווערבונג.

acquir′er *n.* (ע-קהוואיר′-ער) ערווערבער.

acquis′ible *a.* (ע-קהוויז′-איבל) וואס קען ערווארבען ווערען.

acquisi′tion *n.* (עק-הווי-זיש′-אן) 1. ערווערבונג; 2. איינגעהמונג דורך א מלחמה; ערֿאבערונג.
1. The **acquisition** of wealth is a laudable ambition. 2. The **acquisition** of California by the United States was a result of the war with Mexico.

acquis′itive *a.* (ע-קהוויז′-אי-טיוו) ערווערבענדיג; וואס קען ערווערבען.

acquis′itive fac′ulty (ע-קהוויז′-אי-טיוו פעק′-אל-טי) די עמפפינדונגס-פעהיגקייט; די פארשטעלונגס-קראפט.

acquis′itively *adv.* (ע-קהוויז′-אי-טיוו-לי) דורך ערווערבונג.

acquis′itiveness *n.* (ע-קהוויז′-אי-טיוו-נעס) דאס ערווערבען; די נייגונג צו ערווערבען אייגענטום.

acquit′ *v.* (ע-קהוויט′) פריישפרעכען, בעפרייען.
Juries have a tendency to **acquit** women on trial.

acquit′ment *n.* (ע-קהוויט′-מענט) בעפרייאונג; פריישפרעכונג.

acquit′ one's self cred′itably (ע-קהוויט′ הוואנז סעלף קרעד′-איט-עב-לי) זעהר גוט דורכפיהרען.

acquit′tal *n.* (ע-קהוויט′-על) פריישפרעכונג, בעפרייאונג [פון א פערברעכען אדער חוב].

acquit′tance *n.* (ע-קהוויט′-ענס) קוויטירונג; בעפרייאונג [פון א חוב אדער בעשולדיגונג].

acquit′ter *n.* (ע-קהוויט′-ער) בעפרייער, פריישפרעכער.

ac′rasy *n.* (עק′-רע-סי) א שלעכטע מישונג פון זאפטען [געברויכט אין דער מעדיצין].

acra′tia *n.* (ע-קריי′-שיא) שוואכקייט, קראפט-פערלוסט.

a′cre *n.* (איי′-קער) מארג, אן אקער לאנד [4840 קוואדראטנע יארדס אדער 43,560 קוואדראטנע פוס].

a′creage *n.* (איי′-קער-איידזש) די גרויס פון א פעלד געמאסטען אין אקער אדער אין מארג.

acrecen′cia *n.* (א-קריי-טהענ′-טהי-א) דאס וואקסען; דאס שטייגען.

ac′rid *n. and a.* (עק′-ריד) שארף, בייסענד; א שארפער גיפט.

acrid′ity *n.* (עק-ריד′-אי-טי) ביטערקייט, שארפקייט.

ac′ridly *adv.* (עק′-ריד-לי) מיט ביטערקייט, מיט גאל.

ac′ridness *n.* (עק′-ריד-נעס) ז. *acridity*

acrimo′nious *a.* (עק-רי-מאו′-ני-אס) סארקאסטיש, ביטער, שארף, בייסענד.
At the meeting there was an **acrimonious** debate.

acrimo′niously *adv.* (עק-רי-מאו′-ני-אס-לי) מיט ביטערקייט, סארקאסטיש, בייסענד.

acrimo′niousness *n.* (עק-רי-מאו′-ני-אס-נעס) ביטערקייט, סארקאזם.

ac′rimony *n.* (עק′-רי-מא-ני) שארפקייט; ביטערקייט; סארקאזם.
His speech was full of **acrimony**.

acrit′ical *a.* (ע-קריט′-אי-קעל) אהן א קריזיס [ביי א קראנקהייט].

acritochro′macy *n.* (עק-רי-טאו-קראו′-מע-סי) פארבען-בלינדהייט [אזא אונגארמאלקייט פון די אויגען וואס דריקט זיך אויס אין ניט קענען אונטערשיידען צווישען פארבען].

ac′ritude *n.* (עק′-רי-טיוד) די שארפקייט, די שטרענגקייט.

acroamat′ic *a.* (עק-רא-ע-מעט′-איק) וואס איז שייך צו א טיעפען למוד. ז. *acroamatical*

acroamat′ical *a.* (עק-רא-ע-מעט′-אי-קעל) נור פאר דאס געהער בעשטימט; נור פאר אזעלכע, וואס האבען א ידיעה אין דער זאך; אזא פארמע פון שרייבען און פארלעזען; א טיעפער למוד [א טייל פון אריסטאטעל'ס שריפטען רופען זיך צוליעב זייער פארמע און אינהאלט אקראאמאטיש].

acroat′ic *a.* (עק-רא-עט′-איק) ז. *acroamatical*

ac′robat *n.* (עק′-רא-בעט) אן אקראבאט, א קאמעדיאנט; א קונצען-מאכער; א שטריק-טענצער; איינער וואס בייט אפט זיינע מיינונגען אין פאליטיק.

acrobat′ic *a.* (עק-רא-בעט′-איק) אקראבאטיש, וואס האט א שייכות מיט א קונצענמאכער.

acrobat′ical *a.* (עק-רא-בעט′-אי-קעל) ז. *acrobatic*

acrocephal′ic *a.* (עק-רא-סע-פעל′-איק) מיט א הויכען שיידעל [שארבען].
Acrocephalic races.

acrodyn′ia *n.* (עק-רא-דינ′-אי-א) אזא עפידעמישע קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין שטערונגען אין דארם און אין שמערצען און קראמפף אין די הענד און פיס.

ac′rogen *n.* (עק′-רא-דזשען) אן ארגאניזם וואס וואקסט נור אין דער הויך [אבער ניט אין דער דיק].

acrogen′ic *a.* (עק-רא-דזשענ′-איק) וואס וואקסט נור אין דער הויך. ז. *acrogen*

acrog′enous *a.* (עק-ראדזש′-ע-נאס) ז. *acrogenic*

ac′rolith *n.* (עק′-רא-ליטה) א האלצערנע סטאטוע פון וועלכער דער קאפ, די הענד און די פיס זיינען פון שטיין.

acrol′ithan *a.* (ע-קראל′-אי-טהען) עהנליך צו אן אקראליטישע סטאטוע. ז. *acrolith*

acron′ych *a.* (עק-ראנ′-איק) וואס איז שייך צום ערשיינען פון די שטערן ביי זון-אונטערגאנג און זייער פערשווינדען ביי זון-אויפגאנג.
An **acronych** star.

acron′ychal *a.* (עק-ראנ′-אי-קעל) ז. *acronych*

acrop′olis *n.* (עק-ראפ′-א-ליס) אקראפאליס [א ציטאדעל אדער פעסטונג פון אן אלט גריכישע שטאדט, וועלכע איז געבויט אויף א בארג].

acrop′olis of Ath′ens (עק-ראפ′-א-ליס או עטה′-ענז) די אקראפאליס [ציטאדעל] פון אטהען [די בעריהמטע גריכישע שטאדט].



Acropolis of Athens

ac′rospire *n. and v.* (עק′-רא-ספאיר) די ערשטע בלעטלעך וואס וואקסען ארויס פון זאט; די ארויסגעשפראצטע ווארצעלעך פון תבואה [ביים פערזייהען אדער מאלץ מאכען]; ארויסשפראצען די ערשטע בלעטלעך.

ac′rospired *a.* (עק′-רא-ספאירד) ערשט ארויסגעשפראצט [בלעטלעך אדער ווארצעלעך].

across′ *prep. and adv.* (ע-קראס′) איבער איינאנדער; אין דער קווער; היני דערליך; געגען איינאנדער; אנטקעגען.
To reach San Francisco we must travel **across** the continent.

across′ coun′try (ע-קראס′ קאנ′-טרי) קווער דאס פעלד, געהן דורך א פלאץ גראד ניט מיט דעם איינגעטרעטענעם וועג; דער נאהענטסטער וועג.

across′ lots (ע-קראס′ לאטס) מיט דעם נאהענטסטען וועג.

acros′tic *n. and a.* (ע-קראס′-טיק) א שיר מיט ראשי חרוזים; א שיר וואס די שורות פאנגען זיך אן לויט דעם סדר פון אלף-בית; וואס איז שייך צו אזא שיר.

acros′tical *a.* (ע-קראס′-טיק-על) וואס איז שייך צו א שיר מיט ראשי חרוזים. ז. *acrostic*

acrote′ria *n.* (עק-רא-טי′-רי-ע) שפיצען פון א געביידע מיט סטאטוען-פערצירונגען.



Acroteria

acrote′rial *a.* (עק-רא-טי′-רי-על) וואס איז שייך צו א שפיץ פון א געביידע מיט א סטאטוע-פערציערונג.

acrote′rium *n.* (עק-רא-טי′-רי-אם) א שפיץ פון א געביידע וועלכע איז פערציערט מיט א סטאטוע.

acro′ters *n.* (עק-ראו′-טערז) ז. *acroteria*

acryl′ic ac′id (עק-ריל′-איק עס′-איד) אזא כעמיש צונויפגעזעצטע פליסיגקייט וואס האט אן אנגענעהמען ריח.

act *n. and v.* (עקט) האנדלען, טהאן; ווירקען; האנדלונג, טהאט; פערהאנדלונג; אן אקט [טייל פון א טהעאטער-שטיק]; שפיעלען אויף דער ביהנע.

ac′ta *n.* (עק′-טא) אקטען, ספעציעל די אקטען אדער פראטאקאלען פון א קירכען-געריכט.

act above'board (עקט ע-באָוו'-באָורד) אָפען האַנדלען; ניט מאַכען קיין קונקעל מונקעל.

act a part (עקט ע פּאַרט) שפּיעלען אַ טעאַטער ראָלע.
He acts the part of Shylock well.

act'-drop *n.* (עקט'-דראָפּ) דער צווישענאַקט פאָרהאַנג [אין טעאַטער].

ac'tinal *a.* (עק'-טי-נעל) וואָס איז שייך צו דעם פּלאַץ אַרום מויל ביי דעם שטערען-פיש.

act'ing *n. and a.* (עקט'-אינג) 1. ערפילענדיג די פליכטען פון אַן אַנדערען פאַר אַ קורצע צייט [אַלס ממלא מקום]; 2. דאָס שפּיעלען [אין טעאַטער].
1. Lord Grey was appointed acting governor. 2. Her acting in this play was very fine.

act'ing cap'tain (עקט'-אינג קעפּ'-טיין) שטעלפערטרעטענדער קאַפּיטאַן.

act'ing con'sul (עקט'-אינג קאָנ'-סאָל) שטעלפערטרעטענדער קאָנזול.

act'ing-dra'ma *n.* (עקט'-אינג-דרע'-מאַ) אַ [ווירקליכע] דראַמאַ, וואָס איז בעשטימט צום אויפפיהרונג.

act'ing part'ner (עקט'-אינג פּאַרט'-נער) אַן אַקטיווער שותף.

Actin'ia *n.* (עק-טינ'-אי-ע) אַ מין ים בעשעפעניש וועגען וועלכען אייניגע געלעהרטע זאָגען עס איז אַ פּלאַנץ און אַנדערע אַז עס איז אַ חיה.

actin'ic *a.* (עק-טינ'-איק) וואָס האָט די אייגענשאַפט צו פעראורזאַכען ענדערונגען דורך ליכט-שטראַהלען [אין כעמיע].

actin'ically *adv.* (עק-טינ'-אי-קעל-אי) ז. *actinic*.

ac'tinism *n.* (עק'-טינ-איזם) די אייגענשאַפט פון ליכט-שטראַהלען צו פעראורזאַכען כעמישע ענדערונגען אין זאַכען.
Actinism is in many cases responsible for the fading of carpets.

actin'ograph *n.* (עק-טינ'-אָ-גרעף) אַן אינסטרומענט וואָס מעסט און פערצייכענט די כעמישע ווירקונג פון די זונען-שטראַהלען.

ac'tinoid *a.* (עק'-טי-נאָיד) שטראַהלענד; שטראַהלענד ווי דער שטערען-פיש [אַזאַ שטראַהלענדער פיש].

actin'olite *n.* (עק-טינ'-אָ-לאַיט) דער שטראַהל-שטיין.

actinol'ogy *n.* (עק-טי-נאָל'-אָ-דזשי) די וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די כעמישע ווירקונג פון ליכט-שטראַהלען.

actinom'eter *n.* (עק-טי-נאָמ'-ע-טער) דער שטראַהלען-מעסטער [אַן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ פון די זונען-שטראַהלען].

actinom'etry *n.* (עק-טי-נאָמ'-ע-טרי) דאָס מעסטען די שטאַרקייט פון אויסשטראַהלונג [פון פערשיעדענע קערפּער].

act in pais (עקט אין פּיי) אַן אורטייל פון אַ ריכטער וועלכער איז געמאַכט אויסער דעם געריכט-הויז און ווערט ניט איינגעשריבען אין די ביכער.

ac'tion *n.* (עק'-שאָן) 1. האַנדלונג; פערהאַנדלונג; 2. פּראָצעס [משפט]; קלאַגע; 3. טהאַט; טהעטיגקייט.
1. The President's action may lead to an abrogation of the treaty. 2. The lawyer brought an action against me. 3. We want action, not words.

ac'tionable *a.* (עק'-שאָנ-עבל) קלאַגבאַר.
To call a man a thief is actionable.

ac'tionably *adv.* (עק'-שאָנ-ע-בלי) אויף אַן אופן וואָס קען פיהרען צו אַ געריכטליכער קלאַגע.

ac'tionary *n.* (עק'-שאָנ-ע-רי) דער אַקציען-בעזיצער, דער אַקציאָנער.

ac'tion ex contrac'tu (עק'-שאָן עקס קאָנ-טראַק'-טו) אַ ציוויל-קלאַגע, וואָס איז בעגרינדעט אויף די אַנגענומענע געזעלשאַפטליכע געזעצען און בעציהונגען.

ac'tion ex delic'to (עק'-שאָן עקס דע-ליק'-טאָו) אַ ציוויל-קלאַגע וואָס קומט צוליעב אַ שלעכטע טהאַט.

ac'tionist *n.* (עק'-שאָנ-איסט) ז. *actionary*.

ac'tion on appeal' (עק'-שאָן אָן ע-פּיעל') אַפּעלאַציאָנס-קלאַגע.

ac'tivate *v.* (עק'-טיוו-אייט) אין בעוועגונג זעצען; אַנשטרענגען; ערמוטיגען צו טהעטיגקייט.

ac'tive *a.* (עק'-טיוו) טהעטיג, ווירקזאַם.
He takes an active interest in politics.

ac'tive bonds (עק'-טיוו באָנדז) אַקציען, ווערטה-פּאַפּיערען וואָס טראָגען אַ פעסטגעשטעלטען פּראָצענט פון דעם טאָג, וואָס זיי זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען.

ac'tive cap'ital (עק'-טיוו קעפּ'-אי-טעל) מזומן געלד אָדער אייגענטום, וואָס קען לייכט געמאַכט ווערען צו געלד.

ac'tive com'merce (עק'-טיוו קאָמ'-אוירס) אויספוהר-האַנדעל אויף אייגענע שיפען.

ac'tive debts (עק'-טיוו דעטס) חובות וואָס טראָגען פּראָצענט.

ac'tive list (עק'-טיוו ליסט) די ליסטע, וואו עס זיינען פערשריבען די אָפיצירען פון דער אַרמעע און פלאָט, וועלכע קענען גערופען ווערען צום אַקטיווען דיענסט [ווי מלחמה].

ac'tively *adv.* (עק'-טיוו-לי) לעבהאַפט, ענערגיש.

ac'tive mate'rial (עק'-טיוו מע-טי'-רי-על) דער שטאָף וואָס מאַכט אַ כעמישע ענדערונג אין אַן עלעקטרישער אַקומולאַטאָרען-באַטעריי דורך דאָס לאָדען און ענטלאָדען פון עלעקטריציטעט.

ac'tiveness *n.* (עק'-טיוו-נעס) טהעטיגקייט.

ac'tive prop'erty (עק'-טיוו פּראָפּ'-ער-טי) דאָס אַקטיוו-פערמעגען [דאָס ווירקליכע פערמעגען פון אַ קויפמאַן].

ac'tive ser'vice (עק'-טיוו סויר'-וויס) דאָס ערפילען פון פפליכטען געגען דעם פיינד [אין מלחמה].

ac'tive-val'iant *a.* (עק'-טיוו-וועל'-יענט) טאַפּפער, מוטיג, העלדיש, דרייסט.

ac'tive voice (עק'-טיוו וואָיס) אין גראַמאַטיק — די אַקטיווע פאָרם.

activ'ity *n.* (עק-טיוו'-אי-טי) ז. *activeness*.

act'less *a.* (עקט'-לעס) גייסטלאָז, געשמאַקלאָז.

ac'to *n.* (עק'-טאָו) אַן אַקט, אַ פּאַסירונג.

act of bank'ruptcy (עקט אָוו בענק'-ראַפּט-סי) דאָס ערקלערען באַנקראָט.

act of com'mon pas'sage (עקט אָוו קאָמ'-אָן פּעס'-איידזש) אַ געוועהנליכע ערשיינונג.

act of God (עקט אָוו גאָד) אַן אונגליק וואָס קומט פון די נאַטור-קרעפטען, אַ געשעהעניש וואָס העננט ניט אָב פון אַ מענשען און וואָס אַ מענש האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן.

act of grace (עקט אָוו גרייס) אַן אַמניסטיע, אַ מאַניפעסט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון אַ נייע רעגיערונג, אָדער אַ קעניג ביי זיין טראָהן-בעשטייגונג, אָדער ביי זיינעם אַ יובילעאום צו בעפרייען די בעפעלקערונג פון געוויסע שטראָפען, אָדער צו פערברייטען איהרע רעכטען.

act of hon'or (עקט אָוו אָנ'-אָר) די ערבות פאַר איינעם צו פערהיטען זיינעם אַ וועקסעל פון געהן צו פּראָטעסט.

act of obliv'ion (עקט אָוו אָב-ליוו'-אי-אָן) די אַמניסטיע, די אַלגעמיינע פערצייאונג.

act of par'liament (עקט אָוו פּאַר'-לי-מענט) אַ געזעץ אַנגענומען אין פּאַרלאַמענט.

act of set'tlement (עקט אָוו סעטל'-מענט) דאָס ענגלישע געזעץ פון יאָהר 1701 וועגען דער בעפעסטיגונג פון טראָהן צו דער איצטיגער רעגירענדער דינאַסטיע.

ac'tor *n.* (עק'-טאָר) שוישפּיעלער; פאָרשטעלער, אַקטיאָר.

act out (עקט אַוט) דורכפיהרען, אויספיהרען.

act out of char'acter (עקט אַוט אָוו קער'-עק-טער) אַרויספאַלען פון דער ראָלע, אַראָבקריכען פון וועג שפּיעלענדיג אַ טעאַטער ראָלע.

ac'tress *n.* (עק'-טרעס) שוישפּיעלערין; אַקטריסע.

acts of cassa'tion (עקטס אָוו קעס-איי'-שאָן) אַ קאַסאַציאָנס-אורטייל.

acts of dark'ness (עקטס אָוו דאַרק'-נעס) שאַנד-טהאַטען.

acts of faith (עקטס אָוו פייטה) אויטאָדאַפע; געוויסע פאָרמע פון מתפלל זיין ביי די קאַטאָליקען.

acts of pen'ance (עקטס אָוו פּענ'-ענס) דאָס מתודה זיין זיך אויף זינד, אויסדריקען חרטה.

Acts of the Apostles (עקטס אָוו טהי ע-פּאָסלז) די אַפּאָסטאָל-געשיכטע [די געשיכטע פון די ערשטע פערשפּרייטער פון דער קריסטליכער רעליגיאָן].

ac'tual *a.* (עק'-טשו-על) ווירקליך.
The actual condition of the patient is very serious.

ac'tual en'ergy (עק'-טשו-על ענ'-ער-דזשי) ווירקליכע ענערגיע; ענערגיע אין דער פאָרם פון בעוועגונג.

actualisa'tion *n.* (עק-טשו-על-אי-זיי'-שאָן) די פערווירקליכונג.

ac'tualise *v.* (עק'-טשו-על-איז) פערווירקליכען.

ac'tualism *n.* (עק'-טשו-על-איזם) די פילאָזאָפישע טעאָריע, וואָס בעהויפּטעט, אַז אַלעס וואָס עקזיסטירט האָט גייסט און ווירקט.

actual'ity *n.* (עק-טשו-על'-אי-טי) ווירקליכקייט.

ac'tualize *v.* (עק'-טשו-על-איז) פערווירקליכען.
It is difficult to actualize one's ideals.

ac'tually *adv.* (עק'-טשו-על-אי) ווירקליך; אָהן צווייפעל.
He actually carried out his threat.

ac'tual rela'tion (עק'-טשו-על רי-ליי'-שאָן) אַ פערהעלטניס וואָס העננט אָב פון אַן אויסערען ווירקליכען פאַקט און ניט בלויז פון אַ וואונש.

ac'tual sin (עק'-טשו-על סין) די זינד פון דעם יחיד.

ac'tual state of mat'ters (עק'-טשו-על סטייט אָוו מעט'-ערז) די צייט-אומשטענדען: די ווירקליכע לאַגע.

actua'rial *a.* (עק-טשו-איי'-רי-על) וואָס איז שייך צו אַ ספּעציאַליסט אין די רעכנונגען פון לעבענס-פערזיכערונגס געזעלשאַפטען.

actua'rially *adv.* (עק-טשו-איי'-רי-על-אי) אויף דעם שטייגער פון אַ ספּע-

ציאליסט אין די רעכנונגען פון לעבענס=פערזיכערונגס געזעלשאפטען.

ac'tuary *n.* (עק'-טשו-ער-אי) א קענער פון די רעכנונגען פון לעבענס=פערזיכערונגס געזעלשאפטען.

ac'tuate *v.* (עק'-טשו-אייט) אין גאנג ברייננגען, אין טהעטיגקייט זעצען.

ac'tuated by (עק'-טשו-איי-טעד באי) אנגעטריבען פון..., בעאיינפלוסט פון...
Men of ability, are not **actuated by** low motives.

actua'tion *n.* (עק-טשו-איי'-שאן) די ווירקונג, די ווירקענדע קראפט.

actuos'ity *n.* (עק-טשו-אס'-אי-טי) א שטארקע ווירקזאמקייט.

act upon' (עקט א-פאן') אויף עטוואס ווירקען; האנדלען לויט...
The student **acted upon** the advice of the teacher.

act up to (עקט אפ טו) צופאסען א האנדלונג צו עטוואס; האנדלען לויט פרינציפ, לויט געפיהל א. ז. וו.
A man should **act up to** the sentiments he professes.

ac'uate *v. and a.* (עק'-יו-אייט) שארפען; אנרייצען; מאכען שפיציג; שטעכעדיג; געשארפט; שפיציג.

acu'ity *n.* (ע-קיו'-אי-טי) שארפקייט.

acu'leate *v.* (עק-יו'-לי-אייט) מאכען שפיציג אדער שארף.

acu'leated *a.* (עק-יו'-לי-איי-טעד) שטעכיג; שארף, שפיציג.

acu'leous *a.* (ע-קיו'-לי-אס) אנגעזעצט מיט קליינע שטעכעדיגע האר.

acu'leus *n.* (ע-קיו'-לי-אס) דער שטאכעל; א שטעכיגער דארן.

acu'men *n.* (ע-קיו'-מען) א דורכדרינגענדער שכל; שארפזין.

acu'minate *a. and v.* (ע-קיו'-מי-נייט) שארפען; אבשפיצען; שארף, שפיציג.

acu'minated *a.* (ע-קיו'-מי-ניי-טעד) שארף, שפיציג.
Many trees have **acuminated** leaves.

acumina'tion *n.* (ע-קיו-מי-ניי'-שאן) א שפיץ, א שארף.

acu'minous *a.* (ע-קיו'-מי-נאס) שפיציג, שארפזיניג.

acupunc'tuate *v.* (עק-יו-פאנק'-טשו-אייט) שטעכען מיט א נאדעל. ז. *acupuncture*

acupunc'ture *n.* (עק-יו-פאנק'-טשור) דאס שטעכען מיט א נאדעל; א נאדעל=שטאך [אלס מעדיצינישע אפעראציאן].

acut'angular *a.* (עק-יוט'-ען-גיו-לער) שפיץ=ווינקעלדיג.

acute' *v. and a.* (ע-קיוט') 1. שארף בעטאנען; 2. שפיציג, שארף, שארפזיניג; 3. העפטיג.
3. He suffers **acute** pain.

acute' ac'cent (ע-קיוט' עק'-סענט) א שארף אויסגעשפראכענער אקצענט.

acute' angle *n.* (ע-קיוט' ענגל) א שפיציגער, א שארפער ווינקעל.

acute'-angled *a.* (ע-קיוט'=ענגלד) שפיץ=ווינקעלדיג.

acute'-an'gular *a.* (ע-קיוט'-ענ'-גיו-לער) ז. *acutangular*

acute' disea'ses (ע-קיוט' די-זיע'-זעז) שטארקע, שארפע קראנקהייטען.

acute'ly *adv.* (ע-קיוט'-לי) שפיציג, שארף.

acute'ness *n.* (ע-קיוט'-נעס) שארפקייט; שארפזין.

acute'ness of sounds (ע-קיוט'-נעס אוו סאונדז) די הויכקייט פון די טענער.

acutifo'liate *a.* (ע-קיו-טי-פאו'-לי-אייט) וואס האט שארפע בלעטער.

acyanoblep'sy *n.* (ע-סאי-ע-נאו-בלעפ'-סי) אן אויגען=פעהלער, וואס דריקט זיך אויס אין ניט זעהן די בלויע פארב.

ad. (עד) אן אבקירצונג פון דעם ווארט *advertisement*; מודעה, אנאנסע, רעקלאמע, בעקאנטמאכונג.

A. D. *Anno Domini* ראשי תבות פון אין דעם יאהר פון קריסטוס געבורט, צ. ב. **A. D.** 1912

ad'age *n.* (עד'-איידזש) שפריכווארט.

ada'gio *n. and a.* (ע-דא'-דזשאו) א מוזיק=שטיק וועלכע ווערט לאנגזאם געשפיעלט; לאנגזאם, שטיל [שפיעלען].

Ad'am *n.* (עד'-עם) אדם הראשון.

ad'amant *n.* (עד'-ע-מענט) דימענט, שטאהל, אדאמאנט [אזא מין עדעלשטיין].

adamante'an *a.* (עד-ע-מענ-טי'-ען) הארט ווי דימענט, אונצוברעכבאר.

adaman'tine *a.* (עד-ע-מענ'-טין) דימענטענער; הארט ווי א דימענט, עהנליך צו דימענט.

adaman'tine spar *n.* (עד-ע-מענ'-טין ספאר) דימענטשפאט [אזא דונקעל גרוי=ברוינער שטיין אין אינדיען].

Adam'ic *a.* (ע-דעמ'-איק) אזוי ווי אדם הראשון.

Adam'ical *a.* (ע-דעמ'-אי-קעל) ז. *Adamic*

Adam'ically *adv.* (ע-דעמ'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן ווי אדם הראשון; נאקעט [ווי אדם הראשון].

Adam'ic earth (ע-דעמ'-איק אוירטה) ענגלישע ערד [אזא רויטער ליים].

Ad'amite *a.* (עד'-עם-איט) פון אדם הראשון'ס אבשטאמונג; מענשליך.

Ad'am's ale *n.* (עד'-עמז אייל) וואסער.

Ad'am's apple *n.* (עד'-עמז עפל) אדם'ס עפעל [דער קנאפ פון גארגעל].

Ad'am's nee'dle and thread (עד'-עמז ניעדל ענד טהרעד) אזא מין פלאנצע [וועגען וועלכער די לעגענדע דערצעהלט, אז אדם הראשון האט זי בענוצט אלס נאדעל און פאדים].

adance' *adv. and a.* (ע-דענס') טאנצענדיג.

Adanso'nia *n.* (עד-ען-סאו'-ני-ע) דער אפענברויטבוים אדער באאבאב=בוים [א מין בוים, וואס וואקסט אין אפריקא, אינדיען און אויסטראליען, ער האט פלאכע געטיילטע בלעטער, גרויסע ווייסע בלומען און אויף איהם וואקסט א סארט גרויסע נים].

adapt' *v.* (ע-דעפט') צופאסען; בעארבייטען [א ליטעראריש ווערק].
A wise man **adapts** himself to circumstances.

adaptabil'ity *n.* (ע-דעפט-ע-ביל'-אי-טי) צופאסונגספעהיגקייט.

adapt'able *a.* (ע-דעפט'-עבל) פעהיג זיך צוצופאסען.

adapt'ableness *n.* (ע-דעפט'-עבל-נעס) ז. *adaptability*

adapta'tion *n.* (עד-עפ-טיי'-שאן) צופאסונג; אנפאסונג.

adapta'tional *a.* (עד-עפ-טיי'-שאנ-על) וואס ווערט צוגעפאסט איינער צום אנדערען.

adapt'ative *a.* (ע-דעפט'-ע-טיוו) ז. *adaptive*

adapt'ativeness *n.* (ע-דעפט'-ע-טיוו-נעס) ז. *adaptability*

adapt'edness *n.* (ע-דעפט'-עד-נעס) ז. *adaptation*

adapt'ed to (ע-דעפט'-עד טו) אנגעפאסט, צוגעפאסט.
Our soil is **adapted to** the cultivation of a variety of products.

adapt'ed to our merid'ian (ע-דעפט'-עד טו אור מי-ריד'-אי-ען) צוגעפאסט צו אונזער ארט.

adapt'er *n.* (ע-דעפט'-ער) א צופאסער; איינער וואס בעארבייט א ליטעראריש ווערק.

adapt'ive *a.* (ע-דעפט'-איוו) צופאסונגס=פעהיג.
The **adaptive** powers of the Jew are wonderful.

adapt'iveness *n.* (ע-דעפט'-איוו-נעס) די פעהיגקייט זיך צוצופאסען.

A'dar *n.* (איי'-דער) דער חודש אדר.

ad'atais *n.* (עד'-ע-טיי-איז) דינער בענגאלישער מוסלין [אזא לייכטער דאמען=קליידער שטאף].

adawn' *a. and adv.* (ע-דאהן') ווערענדיג טאג, אין בעגינען [אויף טאג].

ad captan'dum (עד קעפ-טענ'-דאם) כדי צו כאפען אדער בעקומען.

add *v.* (עד) צוגעבען, צולעגען, פערמעהרען; צוקומען; מאכען א חבור.

addabil'ity *n.* (עד-ע-ביל'-אי-טי) פערמעהרבארקייט.

add'able *a.* (עד'-עבל) וואס קען צוגערעכענט ווערען, וואס קען פערמעהרט ווערען.

addec'imate *v.* (ע-דעס'-אי-מייט) טיילען אין צעהן, א צעהנטעל נעהמען.

ad'ded to (עד'-עד טו) מיט... צולעגען נאך... פערמעהרען.
He continually **added** goods **to** his store.

adden'dum *n.* (ע-דענ'-דאם) א צוגעלעגטע זאך; א ביילאגע [צו א בוך]; דער איבערשטער האלבער טייל פון צאהן ביי צאהן רעדער.

ad'der *n.* (עד'-ער) אטער, פיפערנאטער [אזא גיפטיגע שלאנג]; א צונויפרעכנער; א רעכען=אפאראט פאר חבור.

ad'der-bolt *n.* (עד'-ער=באולט) די סטרעקאזא, די ליבעלע [אזא גרויסע פליג].

ad'der-fly *n.* (עד'-ער-פלאי) ז. *adder-bolt*

ad'der-gem *n.* (עד'-ער=דזשעם) דער שלאנגען=שטיין [אזא רונדער שטיין אין ענגלאנד, וועלכער, ווי דאס פאלק גלויבט, קען היילען פון א שלאנגען ביס].

ad'der's-grass *n.* (עד'-ערז=גרעס) קינדער=קרויט [אזא מין פלאנצע מיט רונדליכע ווארצלען].

ad'der's-mouth *n.* (עד'-ערז-מאוטה) אזא שעהנע נארד=אמעריקאנישע פלאנצע מיט גרינע בליהונג און בלעטער עהנליך צו א שלאנגען=קאפ.

ad'der-stone *n.* (עד'-ער=סטאון) ז. *adder-gem*

ad'der's-tongue *n.* (עד'-ערז=טאנג) שלאנגען=צונג [אזא מין פלאנצע].

ad'der's-wort *n.* (עד'-ערז=הוואירט) שלאנגען=קרויט [אזא מין פלאנצע].

addibil'ity *n.* (עד-אי-ביל'-אי-טי) פערמעהרבארקייט; דאס האבען די פעהיגקייט פערמעהרט צו ווערען.

add'ible *a.* (עד'-איבל) פערמעהרבאר.

ad'dice *n.* (ע'-דיס) דער באנדער=הובעל, סטרוג [אזא קלינג מיט צוויי אויסגעבויגענע הענטלעך אום גלאט אבצוהובלען האלץ].

addict' *v.* (ע-דיקט') זיך איבערגעבען [אונטער אימעצענס אויפזיכט, אדער ווילען]; זיך איבערגעבען צו עטוואס.

addic'tedness *n.* (ע-דיק'-טעד-נעס) איבערגעבענהייט, צוגעבונדענקייט, נייגונג.
The man's **addictedness** to drink proved his ruin.

addic'ted to (ע-דיק'-טעד טו) איבער־געגעבען צו עטוואס.
He is **addicted to** drink.

addic'tion *n.* (ע-דיק'-שאן) איבערגע־בענהייט, צוגעבונדענקייט, נייגונג.

ad di'em (עד דאי'-עם) אין דעם טאג.

ad'ding insult' to in'jury (עד'-אינג אינ-סאלט' טו אינ'-דזשו-רי) צום שאדען נאך בעליידיגט ווערען, אי געפאלען אי אויסגעלאכט געווארען.

ad'ding-machine' *n.* (עד'-אינג-מע-שין') א רעכען־מאשין פאר חבור.

ad'ditament *n.* (עד'-אי-טע-מענט) א צוזאץ, צוגאב.

addi'tion *n.* (ע-די'-שאן) צוגאבע, צו־זאץ; חבור [אין רעכנען].

addi'tional *a.* (ע-דיש'-אנ-על) צוגע־זעצט, פערמעהרט.

addi'tional char'ges (ע-דיש'-אנ-על טשאר'-דזשעז) ביי־הוצאות.

addi'tional du'ty (ע-דיש'-אנ-על דיו'-טי) א שטייער־צושלאג, א געהעכער־טע טאקסע.

addi'tional hap'piness *n.* (ע-דיש'-אנ-על העפ'-אי-נעס) א צוגאב צום גליק.
The birth of another child brought **additional happiness** to their home.

addi'tionally *adv.* (ע-דיש'-אנ-על-אי) אלס צוגאב, אלס צוזאץ.

addi'tional pay'ment (ע-דיש'-אנ-על פיי'-מענט) די נאכצאהלונג, צוצאה־לונג.

addi'tionary *a.* (ע-דיש'-אנ-ע-רי) ז. *additional*.

ad'ditive *a.* (עד'-אי-טיוו) וואס דארף צוגעפיגערעכענט ווערען; פערמעהרבאר.

ad'ditively *adv.* (עד'-אי-טיוו-לי) דורך צונויפרעכענען; דורך פערמעהרען.

ad'ditory *a.* (עד'-אי-טא-רי) פערגרע־סערענדיג, צולעגענדיג, וואס קען פערגרע־סערט ווערען.

ad'dle *v.* and *a.* (עדל) ליידיג, לעער, הויל; ליידיג מאכען; פערדארבען.

ad'dle-brain *n.* (עדל'-ברעין) א דומ־קאפ, אן אבגעריסענער נאר.

ad'dle-egg *n.* (עדל'-עג) א פויל איי.

ad'dle-head *n.* (עדל'-העד) ז. *addle-brain*.

ad'dle-pate *n.* (עדל'-פייט) ז. *addle-brain*.

ad'dle-plot *n.* (עדל'-פלאט) א שפיעל־פערדארבער.

address' *n.* and *v.* (ע-דרעס') 1. אדרעס, ריכטונג; 2. דאס ווענדען זיך צו אימע־צען; 3. אנשטענדיגקייט, טאקט; 4. רע־דע, אנשפראכע, צושריפט, ביטשריפט, דאנקשריפט; 5. אדרעסירען; זיך ווענדען צו אימעצען; בעטען.
2. He **addressed** himself to the chairman. 3. He showed much **address** in managing the meeting. 4. The speaker's **address** was very much appreciated. 5. Please **address** the letter to my house.

address' a la'dy (ע-דרעס' ע ליי'-די) א דאמע פריינדליך בעגריסען, איהר קאמפלימענטען מאכען [אוכאזשעווען].

address' a let'ter (ע-דרעס' ע לעט'-ער) אדרעסירען א בריעף, דעם אדרעס אנשרייבען אויף א בריעף.

address'-card *n.* (ע-דרעס־קארד) וויזיטען־קארט.

addressed' bill (ע-דרעסט' ביל) א וועקסעל, אין וועלכען עס איז אנגעגעבען דער צאהלונגס־ארט.

addressee' *n.* (ע-דרעס-אי') דער, צו וועמען עס ווערט אדרעסירט; אדרעסאט.
The postmaster notified the **addressee** of a letter that had been received.

addres'ser *n.* (ע-דרעס'-ער) אזעלכער, וואס האלט אן אנשפראכע, א ביטע־שטע־לער, אדרעס־דערלאנגער; אדרעס־שרייבער.

addres'sing-machine' *n.* (ע-דרעס'-אינג-מע-שין') א מאשין צו דרוקען אדרעסען.

address' to (ע-דרעס' טו) זיך צופא־סען, זיך צוגרייטען, זיך ווענדען צו...
These men **addressed** themselves to the **task**.

add to (עד טו) עטוואס צולעגען...

adduce' *v.* (ע-דיוס') בריינגען בעווייזען; בעצייכענען [א געוויסען פונקט].
We can **adduce** evidence of his innocence.

adduce'able *a.* (ע-דיוס'-עבל) אנפיהר־באר, וואס קען געבראכט ווערען [אלס בעווייז].

addu'cent *a.* (ע-דיו'-סענט) אנציהענד [ווערט געברויכט אין דער מעדיצין אלס בעצייכנונג פאר געוויסע מוסקעלען].

addu'cent-muscle *n.* (ע-דיו'-סענט־מאסל) דער אנציהונגס־מוסקעל.

addu'cer *n.* (ע-דיו'-סער) איינער וואס בריינגט בעווייזע; איינער וואס בעצייכענט [א געוויסען פונקט].

addu'cible *a.* (ע-דיו'-סיבל) אנפיהר־באר; וואס קען געבראכט ווערען אלס בעווייז.

adduct' *v.* (ע-דאקט') צוציהען [ווענען א מוסקעל].

adduc'tion *n.* (ע-דאק'-שאן) די צוצי־הונג פון א מוסקעל.

adduc'tive *a.* (ע-דאק'-טיוו) צוציהענד, וואס קען צוציהען.

adduc'tor *n.* (ע-דאק'-טאר) אנציהונגס־מוסקעל.

adduc'tor mag'nus (ע-דאק'-טאר מעג'-נאס) דער דריי אנציהונגס־מוסקעלען פון דער פאלקע וועלכע פאנגען זיך אן פון די לענדען.

"Bloodvessels of the Human Body" ז. איל.

add up (עד אפ) צונויפרעכענען.

adel'phia *n.* (ע-דעל'-פי-ע) אוננאטירלי־כע צונויפוואקסונג [ווי דער סיאמער צווי־לינג]; עהנליכקייט [פון קראנקהייטען].

adel'phous *a.* (ע-דעל'-פאס) פערברי־דערט; וואס האבען אין זייערע בליהונג בינטלעך הארינע פעדימלעך [ביי פלאנ־צען].

ademp'tion *n.* (ע-דעמפ'-שאן) דאס אוועקנעהמען אדער אבנעהמען [פערמע־גען אדער רעכטען].

A'den *n.* (איי'-דען) עדן [גן עדן].

adenal'gia *n.* (עד-ענ-על'-דזשי-ע) א שמערץ אין די מאנדלען [האלז דריזען].

adenal'gy *n.* (עד-ענ-על'-דזשי) ז. *adenalgia*.

adeni'tis *n.* (עד-ענ-אי'-טיס) ענטצינ־דונג אין די מאנדלען [דריזען].

adenog'raphy *n.* (עד-ע-נאג'-רע-פי) די לעהרע וועגען מאנדלען [דריזען].

ad'enoid *a.* (עד'-ענ-איד) מאנדעל־פערמיג; וואס איז שייך צו א מאנדעל, א דריזע [אין האלז].

adenoi'dal *a.* (עד-ע-נאי'-דעל) ז. *adenoid*.

adenolog'ical *a.* (עד-ענ-א-לאדזש'-איק-על) וואס איז שייך צו די לעהרע אי־בער די מאנדלען [דריזען].

adenol'ogy *n.* (עד-ענ-אל'-א-דזשי) די לעהרע איבער די מאנדלען [דריזען].

adenon'cus *n.* (עד-ע-נאנ'-קאס) דאס אויפגעשוואלען ווערען פון די מאנדלען [דריזען].

adenop'athy *n.* (עד-ע-נאפ'-ע-טהי) א קראנקהייט פון די מאנדלען [דריזען].

adenopharyngi'tis *n.* (עד-ע-נאו-פאר-אינ-דזשאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די מאנדלען אין האלז.

adenoph'orous *a.* (עד-ענ-אפ'-א-ראס) וואס ענטהאלט אדער גיט ארויס מאנד־לען [דריזען].

ad'enose *a.* (עד'-ע-נאוס) עהנליך צו א מאנדעל [דריזע].

adenot'omy *n.* (עד-ע-נאט'-א-מי) דער דריזענשניט [דאס שניידען די מאנד־לען].

ad'enous *a.* (עד'-ע-נאס) ז. *adenose*.

adept' *n.* and *v.* (ע-דעפט') 1. א מייס־טער, א קענער; 2. קענער, ערפאהרען.
1. He is an **adept** in providing amusement for his visitors.

adep'tion *n.* (ע-דעפ'-שאן) ערלאנגונג; ערווערבונג.

adept'ness *n.* (ע-דעפט'-נעס) ערפאה־רענהייט, געשיקטקייט, פעהיגקייט.

ad'equacy *n.* (עד'-ע-קהוויי-סי) אנגע־מאסטענקייט, צוגעפאסטקייט; א גענוי־גענדע מאס.
We shall not lack for an **adequacy** of funds to build the hospital.

ad'equate *a.* (עד'-ע-קהוויט) צוגע־פאסט, אנגעמאסטען; ריכטיג, גענוי.

ad'equately *adv.* (עד'-ע-קהוויט-לי) גענוי, צוגעפאסט, ריכטיג.
I am not **adequately** acquainted with this country to be able to criticise it.

ad'equateness *n.* (עד'-ע-קהוויט-נעס) ז. *adequacy*.

ad extre'mum (עד עקס-טרי'-מאם) צו דעם עקסטרעם, צום אויסערסטען ענד, ביז צום לעצטען סוף.

adfec'ted *a.* (עד-פעק'-טעד) אונריין [אן אויסדרוק אין דער מאטעמאטיק פאר א פארמעל וואס ענטהאלט אין זיך פער־שיעדענע אונבעשטימטע גרעסען].

adfec'ted equa'tion (עד-פעק'-טעד אי-קהוויי'-שאן) א מאטעמאטישע גלייכונג אין וועלכער די אונבעקאנטע צאהל איז ענטהאלטען אין צוויי אדער מעהר פערשיעדענע גראדען, אדער פאטענצען. צ. ב. $A=X+BX^2-PX^3$

adfil'iate *v.* (עד-פיל'-אי-אייט) צושרייבען פאר א זוהן, אדאפטירען; אנשליסען.

ad fi'nem (עד פאי'-נעם) ביז צום סוף.

ad gus'tum (עד גאס'-טאם) נאך איי־נעמס געשמאק אדער גוסט.

adhere' *v.* (עד-היר') 1. קלעפען, אנ־קלעפען; 2. אנהענגען; זיך אנהאלטען צו אן אידעע אדער בעוועגונג.
1. The stamp does not **adhere** to the envelope. 2. He **adheres** to his determination to become a farmer.

adher'ence *n.* (עד-היר'-ענס) אנקלע־פונג, אנהענגליכקייט צו אימיצען; דאס טריי בלייבען צו אן אידעע.

adher'ent *n.* and *a.* (עד-היר'-ענט) אנהעפטענדיג, אנהענגליך; אנהענגער.

adher'ently *adv.* (עד-היר'-ענט-לי) אנהענגליך, אנהעפטענדיג.

adher'er *n.* (עד-היר'-ער) אנהענגער.

adhere' to the truth (עד-היר' טו טהי טרוטה) זיך האלטען פאר'ן אמת.

adhe'sion *n.* (עד-הי'-זשאן) צונויפ־קלעפונג; אדהעזיא [די איינגעשאפט פון שטאפען זיך צונויפצוקלעפען (אין דער פיזיק)]; אנהענגליכקייט.

adhe'sion of wheels to rails (עד־היִ'־זשאַן אוו הוויעלז טו רײלז) די רײַבונג פון די רעדער פון די וואַגאָנען מיט די רעלסען פון דער באַהן, וואָס ברײנגט דערצו, אַז די רעדער זאָלען זיך דרעהען און ניט גליטשען.

adhe'sive *a.* (עד־הי'־סיוו) קלעפּענד, אָנהענגענד.

adhe'sive en'velope (עד־הי'־סיוו ענ'־וועל־אופּ) אַ קאָנווערט, וואָס פאַרקלעפּט זיך.

adhe'sive la'bel (עד־הי'־סיוו ליי'־בעל) אַן אָנקלעפּ־צעטעל.

adhe'sively *adv.* (עד־הי'־סיוו־לי) קלעפּיג; אָנהענגענדיג.

adhe'siveness *n.* (עד־הי'־סיוו־נעס) קלעפּיגקייט; אָנהענגליכקייט.

adhe'sive plas'ter (עד־הי'־סיוו פּלעס־טער) אַן אָנקלעפּ־פּלאַסטער.

adhe'sive stamp (עד־הי'־סיוו סטעמפּ) אַ מאַרקע צום אָנקלעפּען [אַ בריעף־מאַרקע].

adhib'it *v.* (עד־היב'־איט) אָנווענדען, בענוצען.

ad hoc (עד האָק) צו דעם; אין בעצוג צו דעם; בעזאָנדערס.

ad hom'inem (עד האָמ'־אי־נעם) אין בעצוג צו דער פּערזאָן, פון פּערזענליכען כאַראַקטער.

His reply was in the nature of an argument ad hominem.

adhorta'tion *n.* (עד־האָר־טיי'־שאַן) דאָס זאָגען אימעצען מוסר; דאָס בעלעהרען, אַ גוטע עצה געבען.

adhor'tatory *a.* (עד־האָר'־טע־טאָ־רי) זאָגענדיג אימעצען מוסר; בעלעהרענדיג אימעצען.

adiabat'ic *a.* (עד־אי־ע־בעט'־איק) אַדיאַבאַטיש [אַן אויסדרוק אין דער טערמאָ־דינאַמיק (ווערמע־טעאָריע) פאַר די ענדערונג פון דעם וואָלומען פון לופט אָדער גאַז ניט דורך דערהיצען אָדער אָבקיהלען].

adiabat'ic line (עד־אי־ע־בעט'־איק לאַין) אַן אַדיאַבאַטישע ליניע [אַ ליניע וועלכע שטעלט פאַר דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דרוק און וואָלומען פון אַ גאַז אָדער לופט ווען עס ווערט ניט געוואַרעמט און ניט געקיהלט]. ז. *adiabatic*.

Adian'tum *n.* (עד־אי־ענ'־טאַם) דאָס פרויענהאָר [אַזאַ מין פלאַנצען מיט געטיילטע געדיכטע בלעטער. וואַקסען אין די וואַרימע געגענדען פון אַמעריקאַ].

Adiantum

adiaph'ora *n.* (עד־אי־עפ'־אָר־ע) גלייכגילטיגע זאַכען, ניט גוט ניט שלעכט, ניט פליישיג ניט מילכיג [פּאַרעווע].

adiaph'orism *n.* (עד־אי־עפ'־אָ־ריזם) רעליגיעזע טאָלעראַנץ; גלייכגילטיגקייט צו רעליגיאָן; גלייכגילטיגקייט.

adiaph'orist *n.* (עד־אי־עפ'־אָ־ריסט) אַ גלייכגילטיגער מענש; איינער וואָס איז גלייכגילטיג צו רעליגיאָן.

adiaph'oron *n.* (עד־אי־עפ'־אָ־ראָן) אַ גלייכגילטיגע זאַך.

adiaph'orous *a.* (עד־אי־עפ'־אָ־ראַס) גלייכגילטיג; ניט שעדליך, ניט ניצליך; נייטראַל.

adiaph'orous salt (עד־אי־עפ'־אָ־ראַס סאָלט) דאָס מיטעל זאַלץ, נייטראַל זאַלץ [אַזאַ כעמישער שטאָף].

adieu' *n. and int.* (ע־דיו') אַדיע! זייַ געזונד! דער אַדיע.

ad indefini'tum (עד אינ־דעפ־אי־נאַי'־טאַם) ביז דאָס אונבעשטימטע; אָהן אַ סוף, גרענצלאָז.

ad inf. אַן אַבקירצונג פון די ווערטער *ad infinitum*

ad infini'tum (עד אינ־פי־נאַי'־טאַם) ז. *ad indefinitum*

ad inter'im (עד אינ־טויר'־אים) אין דער געגענווערטיגער צייט.

adi'os *int.* (ע־די'־אָס) אַדיע! זייַ געזונד!

ad'ipocere *n.* (עד'־אי־פּאָ־סיר) טויטען־פעט [אַ מין פעטע מאַטעריע וואָס קומט דורך פוילען פון אַ טויטען קערפּער].

adipoc'erous *a.* (עד־אי־פּאָס'־ער־אָס) וואָס אַנבעלאַנגט צו טויטען־פעט. ז. *adipocere*

ad'ipocire *n.* (עד'־אי־פּאָ־סיר) ז. *adipocere*

ad'ipose *n. and a.* (עד'־אי־פּאָוס) פעט; שמאַלציג; פעטס.

ad'iposeness *n.* (עד'־אי־פּאָוס־נעס) פעטקייט, דיקקייט.

adipo'sis *n.* (עד־אי־פּאָו'־סיס) פעטקייט.

adipos'ity *n.* (עד־אי־פּאָס'־אי־טי) ז. *adiposis*

ad'ipous *a.* (עד'־אי־פּאַס) ז. *adipose*

ad'it *n.* (עד'־איט) אַן אַריינגאַנג, אַ צוטריט, דורכגאַנג; אַ טונעל וואָס פיהרט צו אַ מינע.

adi'tion *n.* (ע־דיש'־אַן) אַ צוטריט, דאָס צוגעהען.

adja'cence *n.* (עד־דזשיי'־סענס) ז. *adjacency*

adja'cencies *n.* (עד־דזשיי'־סען־סיז) אומגעגענד, נאָכבאַר־ערטער.

adja'cency *n.* (עד־דזשיי'־סען־סי) נאָהענטקייט, נאָכבאַרשאַפט, דאָס גרענצען זיך.

adja'cent *a.* (עד־דזשיי'־סענט) אָנגרענצענד, וואָס ליעגט דערביי, נאָהענט; אין שכנות.

I saw him walk along the banks of the adjacent mill-pond.

adja'cent angles (עד־דזשיי'־סענט ענגלז) נעבען ליעגענדע ווינקלען [אין געאָמעטריע].

adja'cently *adv.* (עד־דזשיי'־סענט־לי) אין דער נאָכבאַרשאַפט, אין דער נאָהענטקייט.

adject' *v.* (עד־דזשעקט') צולעגען, צושטעלען.

adjec'tion *n.* (עד־דזשעק'־שאַן) די צולעגונג, דער צוזאַץ.

adjecti'tious *a.* (עד־דזשעק־טי'־שאַס) צוגעלעגט, צוגעשטעלט.

ad'jectival *a.* (עד'־דזשעק־טיוו־על) וואָס האָט אַ שייכות צו אַ בייוואָרט [אַדיעקטיוו, אין גראַמאַטיק]; אַזוי ווי אַ בייוואָרט.

ad'jectivally *adv.* (עד'־דזשעק־טי־וועל־אי) אַלס אַ בייוואָרט, אויף דעם אופן פון אַ בייוואָרט.

ad'jective *n.* (עד'־דזשעק־טיוו) דער אַדיעקטיוו [ביי־וואָרט] אין גראַמאַטיק; אַ וואָרט וואָס בעצייכענט די אייגענשאַפטען פון אַ געגענשטאַנד [ווי גרויס, קליין, ווייס, שוואַרץ].

ad'jectively *adv.* (עד'־דזשעק־טיוו־לי) אַלס אַן אַדיעקטיוו. ז. *adjective*

adjoin' *v.* (עד־דזשאָין') גרענצען; צובינדען; צושטעלען, צולעגען איינס צום אַנדערען.

Our houses adjoin each other.

adjoin'ing *a.* (עד־דזשאָינ'־אינג) וואָס גרענעצט זיך; וואָס ליעגט דערביי; צוגעשטעלט.

There is a garden adjoining his house.

adjoin'ing room (עד־דזשאָינ'־אינג רום) אַ נעבענצימער, אַ בענאָכבאַרטער צימער.

adjourn' *v.* (עד־דזשורן') אָבלעגען [אויף אַן אַנדער צייט]; שליסען אַ פערזאַמלונג און זי אָבלעגען אויף אַן אַנדער טאָג.

The meeting adjourned.

adjourn'ment *n.* (עד־דזשורנ'־מענט) אָבלעגונג; די אונטערברעכונג פון די זיצונגען פון אַ קאָנגרעס אָדער אירגענד וועלכער פערזאַמלונג.

adjourn' si'ne di'e (עד־דזשורן' סאַי־ני דאַי'־אי) אָבלעגען אויף אַן אונבעשטימטע צייט; אָבלעגען אַ זיצונג אָדער פערזאַמלונג אויף אַן אונבעשטימטע צייט.

adjudge' *v.* (עד־דזשאַדזש') פעראורטיילען, צו'פּסק'ענען; ערקלערען; בעשטימען; ענטשיידען.

adjudge'able *a.* (עד־דזשאַדזש'־עבל) וואָס קען פעראורטיילט ווערען.

adjudge'ment *n.* (עד־דזשאַדזש'־מענט) ז. *adjudgment*

adjudg'ment *n.* (עד־דזשאַדזש'־מענט) פעראורטיילונג, דאָס צו'פּסק'ענען, ענטשיידונג [פון געריכט].

adju'dicate *v.* (עד־דזשו'־די־קייט) ז. *adjudge*

adjudica'tion *n.* (עד־דזשו־די־קיי'־שאַן) ז. *adjudgment*

adju'dicator *n.* (עד־דזשו'־די־קיי־טאָר) דער פּרייז־ריכטער, דער ריכטער.

ad'jugate *v.* (עד'־דזשו־גייט) פעראייניגען, צוזויפּשליסען.

ad'junct *n. and a.* (עד'־דזשאַנקט) חבר; אַמטס־געהילף; איינער וואָס איז פערבונדען מיט אימעצען אין אַמט; צוגעגעבען, פערבונדען, בעגלייטענד [אין אַמט].

adjunc'tion *n.* (עד־דזשאַנק'־שאַן) צוזאַץ; בייהילף.

adjunc'tive *n. and a.* (עד־דזשאַנק'־טיוו) ז. *adjunct*

adjunc'tively *adv.* (עד־דזשאַנק'־טיוו־לי) פערבינדענדיג, צולעגענדיג.

ad'junctly *adv.* (עד'־דזשאַנקט־לי) פערבונדען מיט..., אַלס אַ חבר מיט...

ad'junct profes'sor (עד'־דזשאַנקט פּראָ־פעס'־אָר) אויסעראָרדענטליכער פּראָפעסאָר [אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט נאָך ניט זיין פולען טיטעל, מייסטענס אַזעלכער, וואָס איז אַ געהילף ביי דעם הויפּט־פּראָפעסאָר].

adjura'tion *n.* (עד־דזשו־ריי'־שאַן) בעשווערונג; דער נוסח פון אַ שבועה, אַ

נדר; א פייערליכע שבועה; א דרינגענ=
דע בקשה.

adju'ratory *a.* (עד-דזשו'-רע-טא-רי) וואס איז שייך צו א פייערליכער שבועה אדער א נדר.

adjure' *v.* (עד-דזשור') א ארויפלעגען א שבועה, בעשווערען; דרינגענד בעטען.

adjur'er *n.* (עד-דזשור'-ער) דער בע= שווערער, דער וואס לעגט אויף אימעצען ארויף א שבועה.

adjust' *v.* (עד-דזשאסט') אין ארדנונג ברייגנען, צורעכט מאכען; רעכט מאכען; גראד מאכען, אויסגלייכען.

The differences between America and Japan have been adjusted.

adjus'table *a.* (עד-דזשאס'-טעבל) וואס קען אויסגעגלייכט ווערען, צורעכט געמאכט ווערען, פערמיטעלט ווערען.

An adjustable dispute.

adjus'tably *adv.* (עד-דזשאס'-טע-בלי) אין בעצוג צו אויסגלייכונג, איינארדנונג אדער רעגולירונג.

adjust' a busi'ness (עד-דזשאסט' ע ביז'-נעס) אבמאכען א געשעפט.

adjust' an account' (עד-דזשאסט' ען ע-קאונט') צורעכט מאכען א חשבון, אויס= גלייכען די רעכענונג, מושוה ווערען מיט דער רעכענונג.

adjus'ter *n.* (עד-דזשאס'-טער) ריכטיג מאכער; רעגולירער; פערמיטלער.

adjust'ing *n.* (עד-דזשאסט'-אינג) די רעגולירונג, דאס איינארדנען, דאס ריכ= טיג איינשטעלען.

adjust'ing-scale *n.* (-עד-דזשאסט' אינג-סקייל) פינקטליכע וואג=שאלע, געלד= וואגשאל.

adjust'ing-screw *n.* (-עד-דזשאסט' אינג-סקרוה) מיקראמעטער=שרויף [א שרויף מיט זעהר א דינעם, געדיכטען שרוי= פען=געווינט].

adjust'ing-tool *n.* (-עד-דזשאסט'-אינג טוהל) א געצייג צו רעגולירען די האר= ספירעלע אין א טאשען=זייגער.

adjust'ive *a.* (עד-דזשאסט'-איוו) וואס לאזט זיך רעגולירען, צורעכט מאכען, אויסגלייכען.

adjust'ment *n.* (עד-דזשאסט'-מענט) 1. איינארדנונג, רעגולירונג, צורעכט מא= כונג; 2. דאס אויסגלייכען, פערמיטלען.

1. The adjustment of the parts of a machine. 2. An adjustment of the dispute was effected.

adjus'tor *n.* (עד-דזשאס'-טאר) ז. *adjuster*

afraid' *a.* (ע-פרייד') דערשראקען, פורכטזאם, בעזארגט.

afraid' of (ע-פרייד' אוו) אין שרעק פאר...
To be **afraid** of death.

afreet' *n.* (ע-פריעט') א בייזער גייסט [ביי די מאהמעדאנער].

afresh' *adv.* (ע-פרעש') פון דאס ניי, איבער א נייעס, ווידער א מאל.

Af'rican *n. and a.* (עפ'-רי-קען) וואס האט א שייכות מיט דעם וועלט-טייל אפריקא; אן אפריקאנער; א שווארצער [נעגער].

African'der *n.* (עפ-רי-קענ'-דער) א געבארענער אין דרום אפריקא פון אייראפייאישע עלטערן.

af'rit *n.* (עפ'-ריט) ז. *afreet*

afrite' *n.* (עפ-ראיט') ז. *afreet*

afront' *adv.* (ע-פראנט') געגענאיבער; פון פארענט; פנים אל פנים.

aft *a. and adv.* (עפט) צום הינטערטייל פון א שיף; וואס אנבעלאנגט צום הינטער טייל פון א שיף.

af'taba *n.* (עפ'-טע-בא) אזא פערזישער אדער אינדישער וואסער-קרוג [מייסטענס פון מעטאל].

af'ter *a., adv., prep. and c.* (עפ'-טער) נאך, דערנאך; נאכדעם; לויט; וועגען; אין יאגד, זוכענדיג.
After you have spoken to him, she came in.

af'ter-accepta'tion *n.* (עפ'-טער-עק-סעפ-טיי'-שאן) די שפעטער אנגענומענע בעדייטונג.

af'ter-account' *n.* (עפ'-טער-ע-קאונט') די נאכרעכנונג.

af'ter-act *n.* (עפ'-טער-עקט) די שפעטערע האנדלונג.

af'ter a fash'ion (עפ'-טער ע פעש'-אן) געוויסערמאסען.
The work was done **after a fashion.**

af'ter-a'ges *n.* (עפ'-טער-איי'-דזשעז) די צוקונפט; די שפעטערדיגע וועלט.
It will be remembered in the **after-ages.**

af'ter all (עפ'-טער אהל) נאך אלעמען, טראצדעם, ניט אכטענדיג אויף דעם, דאך.
After all, life is not a sad affair.

af'ter-applica'tion *n.* (עפ'-טער-עפ-לי-קיי'-שאן) די שפעטערע אנווענדונג.
The **after-application** of the same remedy did not help.

af'terbirth *n.* (עפ'-טער-בוירטה) דער ארט, שליה, נאכגעבורט.

af'terbrain *n.* (עפ'-טער-בריין) הינטער-מארך [אין קאפ].

af'ter-cab'in *n.* (עפ'-טער-קעב'-אין) הינטער-קאיוטע, ערשטע קלאס קאיוטע [אויף א שיף].

af'terclap *n.* (עפ'-טער-קלעפ) אן איבערראשענדע פאסירונג; עפעס אונערווארטעטעס.

af'ter-costs *n.* (עפ'-טער-קאסטס) נאכקאסטען, נאכוועהעניש.

af'tercrop *n.* (עפ'-טער-קראפ) נאכערנטע [אראבנעהמען תבואה פון פעלד א צווייטען מאל אין זעלבען יאהר].

af'ter-cure *n.* (עפ'-טער-קיור) א נאכקור [אן אברוה וואס ווערט גענומען נאך א קוראציע אום צו פערפאלשטענדיגען די ווירקונג וואס זי האט געהאט אויף'ן געזונד].

af'ter-damp *n.* (עפ'-טער-דעמפ) א גאז וואס קלייבט זיך אן אין די קוילען-גרובער נאך אן אויפרייסונג.

af'ter-days *n.* (עפ'-טער-דייז) יענע וועלט; די צוקונפט.

af'ter-din'ner *a.* (עפ'-טער-דינ'-ער) וואס איז נאך מיטאג, וואס קומט נאך מיטאג.

af'terfeed *n.* (עפ'-טער-פיעד) דאס גראז, וואס וואקסט אב נאך'ן ערשטען מאל שניידען און ווערט, אנשטאט עס צו שניידען נאך אמאל בענוצט אלס פיטערניס.

af'ter-game *n.* (עפ'-טער-גיים) א צווייטער קאן [אין שפיעלען].

af'ter-gland *n.* (עפ'-טער-גלענד) א מאשינען-טייל וואס גרייפט אן און וועלכען עס איז טייל פון מעכאניזם און זעצט איהם אין בעוועגונג.

af'terglow *n.* (עפ'-טער-גלאו) די רויטקייט אין הימעל נאך זונ-אונטערגאנג.

af'tergrass *n.* (עפ'-טער-גרעס) דאס אבגעוואקסענע גראז נאך'ן שניידען.

af'tergrowth *n.* (עפ'-טער-גראוטה) צוואוואקס, נאכוואוקס.

af'ter-hands *n.* (עפ'-טער-הענדז) שפעטערע ארבייטער.

af'ter-hours *n.* (עפ'-טער-אורז) די שפעטערע שטונדען [נאך דער געוועהנליכער שטונדע].

af'ter-im'age *n.* (עפ'-טער-אימ'-איידזש) דאס שיינבארע בילד וואס עס שטעלט זיך פאר פאר די אויגען ווען מען קעהרט זיך אב נאכדעם ווי מען האט געקוקט אויף עפעס.

af'terings *n.* (עפ'-טער-אינגז) די לעצטע אויסגעמאלקענע מילך.

af'ter-inqui'ry *n.* (עפ'-טער-אינ-קוואי'-רי) די שפעטערע אונטערזוכונג, די פערשפעטיגטע נאכפראגע.

af'ter-life *n.* (עפ'-טער-לאיף) יענע וועלט.

af'termath *n.* (עפ'-טער-מעטה) דאס צווייטע מאל [אין דעמזעלבען יאהר] שניידען גראז פון די פעלדער; נאכוועהעניש פון עטוואס [ווי די נאכבלייבעניש פון א קראנקהייט, פון א מחלקה א. ז. וו.].

af'ter-mee'ting *n.* (עפ'-טער-מיע-טינג) א שפעטערדיגע בעגעגעניש, צוזאמענקונפט.

af'termost *a.* (עפ'-טער-מאוסט) אם נעהנסטען צום פאדערסטען טייל פון שיף.

af'ter much ado' (עפ'-טער מאטש ע-דו') נאך פיעל מיה; ענדליך.

af'ter my fan'cy (עפ'-טער מאי פענ'-סי) נאך מיין געשמאק.

afternoon' *n. and a.* (עפ-טער-נון') נאכמיטאגסצייט [די צייט פון 12 בייטאג ביז זונ-אונטערגאנג]; וואס איז נאכמיטאג.

af'ternoon far'mer (עפ'-טער-נון פאר'-מער) א פערשלאפענער פערמער; אן אבגעלאזענער מענש.

af'ternoon-la'dies *n.* (עפ'-טער-נון-ליי'-דיז) אזא זארט בלומען וועלכע עפענען זייערע בליהונג נור געגען אבענד.

af'ternoon-ser'vice *n.* (עפ'-טער-נון-סויר'-ווים) דאס מנחה דאווענונג; דאס נאכמיטאג געבעט.

af'ter-nour'ishment *n.* (עפ'-טער-נאר'-איש-מענט) שפעטערע נאהרונג.

af'ter-pains *n.* (עפ'-טער-פיינז) נאכוועהעניש [נאך א געבורט].

af'ter-part *n.* (עפ'-טער-פארט) דער הינטערטייל פון א שיף.

af'ter-pay'ment *n.* (עפ'-טער-פיי'-מענט) די נאכצאהלונג.

af'terpiece *n.* (עפ'-טער-פיעס) א נאכשפיעל [אין טהעאטער, א קליינע פארשטעלונג נאך דער הויפט פיעסע]; אונטערשטער טייל פון א שיפסרודער.

af'ter-reck'oning *n.* (עפ'-טער-רעק'-נינג) די נאכפאלגענדע רעכנונג.

af'ter-repen'tance *n.* (עפ'-טער-רי-פענ'-טענס) שפעטערע חרטה.

af'ter-shock *n.* (עפ'-טער-שאק) א צווייטער טרייסעל וואס קומט נאך'ן ערשטען [ווי ביי ערד-ציטערניש].

af'ter-sound *n.* (עפ'-טער-סאונד) א נאכקלאנג [דער גערויש וואס עס הערט זיך פון א קלאנג נאכדעם ווי דער קלאנג גופא איז שוין פערשוואונדען].

af'ter-state *n.* (עפ'-טער-סטייט) שפעטערער צושטאנד; צוקינפטיגער צושטאנד.

af'ter-taste *n.* (עפ'-טער-טייסט) נאכגעשמאק, נאכ'טעם.

af'terthought *n.* (עפ'-טער-טהאט) א

פערשפעטיגטער געדאנק, א פערשפעטיגטע איבערלעגונג.
My plan to visit him was an afterthought.

af'ter-time *n.* (עפ'-טער=טאים) די שפעטערע צייט, די צוקונפט, יענע וועלט.

af'terward *adv.* (עפ'-טער-הווארד) נאכהער; שפעטער.

af'terwards *adv.* (עפ'-טער-הווארדז) ז. *afterward*

af'ter-wise *a.* (עפ'-טער=הוואיז) שפעט געקומען צום שכל.

af'ter-wit *n.* (עפ'-טער=הוויט) א פער= שפעטיגטער וויץ; א צו שפעט געקומע= נער שכל.

af'ter-wit'ted *a.* (עפ'-טער=הוויט'-עד) וואס קומט צו שפעט צום שכל.

af'ter-world *n.* (עפ'-טער=הווירלד) יענע וועלט; די צוקינפטיגע דורות.

af'ter-wri'ter *n.* (עפ'-טער-ראי'- טער) שפעטערדיגער שריפטשטעלער.

af'ter-years *n.* (עפ'-טער-יִירז) שפע= טערע יאהרען.

af'ter you (עפ'-טער יו) מען בעט אי= בער אייער כבוד..., זייט זשע מוחל.

aft'ward *adv.* (עפט'-הווארד) נאך הינ= טען [ביי א שיף].

again' *adv., prep. and c.* (ע-גען') ווידער, איבער א נייעס, נאך אמאל.

again' and again' (ע-גען' ענד ע-גען') נאך א מאל און נאך א מאל; ווידער און ווידער.

against' *prep.* (ע-גענסט') דערווידער; געגען; אנטקעגען.

against' rea'son (ע-גענסט' ריע'זן) געגען דעם שכל הישר.

against' the grain (ע-גענסט' טהי גריין) קאפויר, דער נאטור דערווידער, ארויף האר, געגען די האר.

against' the sun (ע-גענסט' טהי סאן) אין א געגענגעזעצטער ריכטונג צו דער שיינבארער בעוועגונג פון דער זון.

against' time (ע-גענסט' טאים) פריהער ווי די אבגעלאפענע צייט, אריבעריאגען די צייט.

agalac'tia *n.* (ענ-ע-לעק'-טי-ע) דאס פעהלען מילך אין די בריסט פון א פרוי נאך א געבורט.

agal'lochum *n.* (ע-געל'-א-קאם) אדלער= האלץ, גן=עדן=האלץ [וואקסט אין אינ= דיען].

agalmat'olite *n.* (ענ-על-מעט'-א-לאיט) דער בילד=שטיין [אזא ווייכער שטיין, וואס ווערט בענוצט אין כינא פאר שניצערייי].

ag'ami *n.* (ענ'-ע-מי) אזא גרויסער אמע= ריקאנער פויגעל, ער לויפט זעהר גע= שווינד אבער פליהט שלעכט. ער געוועהנט זיך זעהר גוט צו מענשען.

agam'ic *a.* (ע-געמ'-איק) אהן געשלעכטס= פארונג; וואס פרופפערען זיך אהן גע= שלעכטס=פארונג [ביי געוויסע מינים שרצים].

agam'ically *adv.* (ע-געמ'-אי-קעל-אי) אהן געשלעכטליכע פארונג. ז. *agamic*

ag'amist *n.* (ענ'-עמ-איסט) דער אונפער= הייראטער; געגנער פון חתונה האבען.

agamogen'esis *n.* (ענ-ע-מאו-דזשענ'- ע-סיס) דאס פרופפערען זיך אהן גע= שלעכטליכע פארונג [ביי די גאנץ נידע= ריגע בעשעפענישען].

agamogenet'ic *a.* (ענ-ע-מאו-דזשי- נעט'-איק) וואס ווערט געבארען אהן גע= שלעכטליכע פארונג.

agamogenet'ically *adv.* (ענ-ע-מאו- דזשי-נעט'-אי-קעל-אי) געבארען ניט דורך געשלעכטליכע פארונג.

ag'amous *a.* (ענ'-ע-מאס) אהן געשלעכטס= ליכע ארגאנען.

ag'amy *n.* (ענ'-ע-מי) די צוריקהאל= טונג פון הייראטען; די געגנערשאפט פון הייראטען אדער פון געשלעכטליכע בע= ציהונגען.

ag'ape *n.* (ענ'-ע-פי) א ברידערליכער מאהלצייט ביי די ערשטע קריסטען.

agape' *adv.* (ע-גייפ') מיט אן אפענ= נעם מויל [פון בעוואונדערונג אדער שרעק].

Agapem'one *n.* (ענ-ע-פעמ'-א-ני) דער וואהנארט פון ליעבע; דער נאמען פון א מין קאמוניסטישען פעראיין פון מענער און פרויען וועלכער האט זיך געגרינדעט אין ענגלאנד אין יאהר 1846 אונטער דער לײ= טונג פון א געוויסען גייסטליכען מיט דעם נאמען פרינס.

Agapor'nis *n.* (ענ-ע-פאהר'-ניס) א מין קליינע אפריקאנער פאפוגאיעס [צו דעם מין געהערען אויך די ליעבעס=פויגלען].

agar'ic *n.* (ע-גער'-איק) דער בלעטער= שוואם [אזא מין שוועמעל]

agar'ic min'eral (ע-גער'-איק מינ'- ע-רעל) די בארגמילך [אזא ווייכער ווײ= סער שטיין].

agas'tric *a.* (ע-געס'-טריק) אהן א מא= גען, וואס האט ניט קיין מאגען [ביי גע= וויסע קליינע שרצים].

ag'ate *n.* (ענ'-עט) דער אגאט [א טייע= רער שטיין].



Agate

ag'ate-bur'nisher *n.* (ענ'-עט=בויר'- ניש-ער) דער פאליר=שטיין.

ag'ate-glass *n.* (ענ'-עט-גלעס) אגאט= גלאז [אזא זארט גלאז וואס ווערט צו= נויפגעשמאלצען פון פערשיעדענע שטיק= לעך קאלירטע גלאז און האט דאס אוים= זעהן ווי אגאט=שטיין].

ag'ate-snail *n.* (ענ'-אייט-סנייל) אזא געדרעהטער מושעל וואס האט די פארם פון אן ענבער.



Agate-snails

ag'ate-ware *n.* (ענ'-עט=הוועהר) עמא= לירטע געשיר.

ag'athism *n.* (ענ'-ע-טהיזם) אגאטיזם [די בעהויפטונג, אז אלעס האט א נײ= גונג צום גוטען].

ag'athist *n.* (ענ'-ע-טהיסט) אן אנהענ= גער פון אגאטיזם. ז. *agathism*

ag'atiform *a.* (ענ'-ע-טי-פארם) וואס האט די פארם פון אגאט=שטיין.

ag'atine *a.* (ענ'-ע-טין) וואס איז שייך צום אגאט=שטיין.

ag'atize *v.* (ענ'-ע-טאיז) פערוואנדלען אין אגאט=שטיין.

ag'aty *a.* (ענ'-ע-טי) ווי אגאט=ארטיג; ווי דער אגאט=שטיין.

Aga've *n.* (ע-גיי'-ווי) די אגאווע [א מין זיך אמעריקאנישע פלאנצען].

Agave

agaze' *a. and adv.* (ע-גייז') קוקענ= דיג מיט ערשטוינונג; מיט ערשטוינטע בליקען.

agazed' *a.* (ע-גייזד') קוקענדיג ער= שטוינט.

age *n. and v.* (איידזש) 1. אלטער [פון מענשען]; 2. צייט אלטער, דור; לעבענס=דויער; 3. עלטער; פאליעהריגקייט; 4. אלט מאכען, אלט ווערען.
1. He is 50 years of age. 2. Ours is a progressive age. 3. He is of age.

a'ged *a.* (איידזשד) בעיאהרענט; אלט; אין יאהרען.

a'gedly *adv.* (איי'-דזשעד-לי) ווי אן אל= טע פערזאן.

a'gedness *n.* (איי'-דזשעד-נעס) די אלטקייט.

age'less *a.* (איידזש'-לעס) אהן א בע= שטימטען אלטער; וואס עקזיסטירט א זעהר לאנגע צייט.

a'gency *n.* (איי'-דזשענ-סי) ווירקונג; אגענטור; טהעטיגקייט.

a'gency-bus'iness *n.* (איי'-דזשענ-סי- ביז'-נעס) אגענטור=געשעפט.

a'gency-house *n.* (איי'-דזשענ-סי=האוס) ז. *agency-business*

a'gency-of'fice *n.* (איי'-דזשענ-סי= אפ'-יס) קאמיסיאנס-קאנטאר.

a'gency of Prov'idence (איי'-דזשענ- סי אוו פראוו'-אי-דענס) גאטס העראשאפט, השגחה פרטית.

agen'da *n.* (ע-דזשענ'-דע) נאטיץ=בוך; א פערצייכניס פון ארבייט וואס דארף גע= טהאן ווערען.
The committee took up the matters on the agenda.

agennet'ic *a.* (עדזש-ע-נעט'-איק) אונ= פרוכטבאר.

a'gent *n.* (איי'-דזשענט) אן אגענט, א גע= שעפטס טרעגער; א קאמיסיאנער.

a'gent of tru'ancy (איי'-דזשענט אוו טרו'-ענ-סי) א בעאמטער אין איינינע שטעדט פון שטאאט ניו יארק [אין אמע= ריקא] וואס האט די אויפגאבע אויפצו= פאסען, אז עס זאל דורכגעפיהרט ווערען דאס געזעץ וואס פאדערט אז די קינדער זאלען רעגעלמעסיג בעזוכען די פאלקס= שוהל.

age of brass (איידזש אוו ברעס) די בראנז צייט. ז. *age of bronze*

age of bronze (איידזש אוו בראנז) די בראנז צייט [די אוראלטע צייט, ווען

מען האט זיך נאך ניט בענוצט מיט אייזען און מען האט געמאכט געצייג פון בראנז].

age of chi'valry (איידזש אוו שי'-וועל-רי) די צייט פון ריטערטום [אין מיטעלאלטער].

age of the moon (איידזש אוו טהי מוהן) די צייט וואס איז פערלאפען זינט די לבנה האט זיך געטראפען מיט דער זון אויף איין מערידיאן [לקוי חמה אדער לקוי לבנה].

a'ger *n.* (איי'-דזשער) א פעלד, א שטיק לאנד.

Ager'atum *n.* (ע-רדזשער'-ע-טאם) א מין פלאנצען וואס וואקסען אין די גאנץ ווארימע געגענדען פון דרום אמעריקא.

a'ges ago' (איי'-דזשיז ע-גאו') פאר צייטען.

ageus'tia *n.* (ע-גיוס'-טי-ע) אזא קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין ניט פיהלען דעם חוש הטעם.

age'-worn *a.* (איידזש'-הווארן) אבגעטראגען, אבגענוצט פון עלטער.

ag'ger *n.* (עדזש'-ער) א וועג פאר מיליטערישע צוועקען; [אין אלטען רוים] א פעסטונגס-וואנד אדער בארג אויפגעשאכען פון ערד.

agglom'erate *n., a. and v.* (עג-לאמ'-ע-רייט) צונויפוויקלען; צוזאמענקייקלען אין א קופע; צוזאמענציהען; געדיכט מאכען; צונויפגעשאטען אין א קופע; א צונויפגעשאטענע קופע.

agglomerat'ic *a.* (עג-לאמ-ער-עט'-איק) וואס איז צונויפגעווארפען אין א קופע אהן ארדנונג.

agglomera'tion *n.* (עג-לאמ-ער-איי'-שאן) די צוזאמענוויקלונג, די צוזאמענציהונג, די געדיכט-מאכונג, די צונויפווארפונג אין איין קופע.

agglom'erative *a.* (עג-לאמ'-ער-ע-טיוו) וואס וויקעלט זיך צונויף, וואס ווערט צונויפגעווארפען אין א קופע.

agglu'tinant *n. and a.* (עג-לו'-טי-נענט) וואס קלעפט צוזאמען, וואס בעהעפט; א זאך וואס קלעפט צוזאמען.

agglu'tinate *v.* (עג-לו'-טי-נייט) צונויפקלעפען, צונויפבינדען, צונויפוואקסען.

agglu'tinating *a.* (עג-לו'-טי-נייט-אינג) קלעפענדיג, צונויפבינדענדיג, צונויפוואקסענדיג.

agglutina'tion *n.* (עג-לו-טי-ניי'-שאן) דאס צוזאמענקלעפען, דאס בעהעפטען; דאס צונויפוואקסען.

agglu'tinative *a.* (עג-לו'-טי-נייט-איוו) וואס קען צונויפקלעפען.

ag'grandisable *a.* (עג'-רען-דאי-זעבל) וואס קען פערגרעסערט ווערען, וואס קען פערמעהרט ווערען; וואס קען דערהויבען ווערען אין מאכט אדער עהרע.

aggrandisa'tion *n.* (ע-גרען-די-זיי'-שאן) דאס פערגרעסערען, דאס פערמעהרען; דאס דערהויבען אין מאכט אדער עהרע.

ag'grandizable *a.* (עג'-רען-דאי-זעבל) ז. ***aggrandisable***.

aggrandiza'tion *n.* (ע-גרען-די-זיי'-שאן) ז. ***aggrandisation***.

ag'grandize *v.* (עג'-רענד-איז) פערגרעסערען, פערמעהרען, פערגרעסערט ווערען, דערהויבען ווערען אין מאכט אדער עהרע.
The United States will not **aggrandize** at the expense of the rights of other countries.

aggrand'izement *n.* (ע-גרענד'-איז-מענט) די פערגרעסערונג, די פערמעהרונג.
All his plans are for his own **aggrandizement** only.

ag'gravate *v.* (עג'-רע-ווייט) 1. שלעכט מאכען, שווערער מאכען; 2. קריינקען; ערגערען; רייצען.
1. Sleeplessness **aggravates** a disease. 2. The children **aggravate** the teacher with their disorder.

ag'gravating *a.* (עג'-רע-ווייט-אינג) ערגערענדיג, רייצענדיג, שטארק אונאנגענעהם.

ag'gravating cir'cumstances (עג'-רע-ווייט-אינג סויר'-קאם-סטענ-סעז) ערשווערענדע אומשטענדען [ביי א משפט].

ag'gravatingly *adv.* (עג'-רע-וויי-טינג-לי) דורך ערגערען, דורך רייצען; אויף אן אונאנגענעהמען אופן.

aggrava'tion *n.* (עג-רע-וויי'-שאן) דאס ערגער מאכען, די פערשלימערונג; די קריינקונג; ערגערונג.

ag'gravative *n. and a.* (עג'-רע-וויי-טיוו) וואס מאכט שלעכטער; וואס האט די נייגונג צו ערגערען; עטוואס וואס מאכט שלעכטער; עטוואס וואס ערגערט.

ag'gravator *n.* (עג'-רע-וויי-טאר) איינער וואס ערגערט אדער רייצט; איינער וואס מאכט שלעכטער.

ag'gregant *n.* (עג'-רי-גענט) איין צאהל פון א גרופע צאהלען, וואס שטעלען צונויף א סך הכל.

ag'gregate *n., a. and v.* (עג'-רי-גייט) א הויפען; א זאמלונג; צונויפגעזאמעלט; צונויפזאמלען, פעראייניגען.

ag'gregate amount' (עג'-רי-גייט ע-מאונט') דער סך הכל.

ag'gregate an'imals (עג'-רי-גייט ענ'-אי-מעלז) פערשיעדענע חיות, וועלכע געהערען צו איין מין אדער איין פאמיליע.

ag'gregated *a.* (עג'-רי-גיי-טעד) צונויפגעזאמעלט, פעראייניגט.

ag'gregate flow'ers (עג'-רי-גייט פלאו'-ערז) א בינטעל געמישטע בלומען.

ag'gregately *adv.* (עג'-רי-גייט-לי) הויפענווייז, צוזאמען, פעראייניגט; אנגעזאמעלט.

aggrega'tion *n.* (עג-רי-גיי'-שאן) די צונויפהויפונג, די צונויפזאמלונג, די צונויפקלייבונג; פעראייניגונג.

ag'gregative *a.* (עג'-רי-גיי-טיוו) צונויפנעהמענדיג, צונויפקלייבענדיג, צונויפהויפענדיג.

ag'gregator *n.* (עג'-רי-גיי-טאר) דער זאמלער.

aggress' *v.* (ע-גרעס') אנגרייפען, אנפאלען, אנהויבען דער ערשטער [א קריעג], מאכען אן אטאקע.

aggres'sion *n.* (ע-גרעש'-אן) אן אנגריף; אנפאל; אטאקע.

aggres'sionist *n.* (ע-גרעש'-אנ-איסט) איינער וואס מאכט אן אנגריף; איינער וואס פאלט אן אדער אטאקירט.

aggres'sive *a.* (ע-גרעס'-איוו) גענייגט צו אטאקירען אדער אנגרייפען; אנגרייפענד, צו ערשט אנגרייפענדיג.
Oppressed peoples ought to be **aggressive** in their own defence.

aggres'sively *adv.* (ע-גרעס'-איוו-לי) אויף א קריעגערישען אופן; דורך אן אנגריף; שטרייט-לוסטיג.

aggres'siveness *n.* (ע-גרעס'-איוו-נעס) קריעגסלוסטיגקייט, שטרייטלוסטיגקייט.

aggres'sor *n.* (ע-גרעס'-אר) אן אנגרייפער; אנפאלער; אטאקירער.

aggrie'vance *n.* (ע-גרי'-וענס) פערדרוס, קומער; ערגערנים; קרענקונג.

ag'gry-beads *n.* (עג'-רי-ביעדז) גלאזפערעל.

aghast' *a.* (ע-געסט') דערשראקען.

ag'ile *a.* (עדזש'-איל) פלינק, לעבעדיג.

ag'ileness *n.* (עדזש'-איל-נעס) פלינקקייט; לעבעדיגקייט; געשיקליכקייט.

agil'ity *n.* (ע-דזשיל'-אי-טי) ז. ***agileness***.

a'ging *n.* (איי'-דזשינג) דאס ווערען אלט.

ag'io *n.* (עדזש'-אי-או) חלפן-געצאהלט; דער קורס-אונטערשיעד פון געלד [פון פערשיעדענע לענדער אדער פון דעמזעלבען לאנד].

agist' *v.* (ע-דזשיסט') קארמענען אדער פיטערען פרעמדע בהמות פאר געצאהלט.

agis'tage *n.* (ע-דזשיס'-טיידזש) דאס פיטערען פרעמדע בהמות אויף אייגענע אדער קהל'שע לאנד; דאס געצאהלט פאר'ן פיטערען; שטייער, אבצאהל.

ag'itate *v.* (עדזש'-אי-טייט) אגיטירען; בעוועגען, ריהרען; אויפרעגען; עפעס בעהאנדלען; רעדען פאר אן אידעע.

ag'itated *a.* (עדזש'-אי-טיי-טעד) אויפגערעגט, בעוועגט.

ag'itating *a.* (עדזש'-אי-טיי-טינג) אגיטירענדיג; אויפרעגענדיג; בעוועגענדיג.

agita'tion *n.* (עדזש-אי-טיי'-שאן) די בעוועגונג, די אגיטאציאן, אויפריהרונג; די פרעדיגונג פאר אן אידעע.

agita'tional *a.* (עדזש-אי-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אגיטאציאן.

ag'itative *a.* (עדזש'-אי-טייט-איוו) בעוועגענד, ריהרענד, אויפרעגענד.

agita'to *adv.* (עדזש-אי-טא'-טאו) לעבהאפט [אין מוזיק].

ag'itator *n.* (עדזש'-אי-טיי-טאר) אן אגיטאטאר.

agitato'rial *a.* (עדזש-אי-טיי-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אגיטאטאר.

aglare' *a. and adv.* (ע-גלעהר') פינקלענדיג, בליצענדיג [מיט די אויגען].

agleam' *a. and adv.* (ע-גליעם') גלענצענדיג, שטראהלענדיג, פינקלענדיג.
Their faces were **agleam** with a pale light.

ag'let *n.* (עג'-לעט) א מעטאלענער שטיפט בעפעסטיגט צו דעם ענד פון א שנור.

aglim'mer *a. and adv.* (ע-גלימ'-ער) אין שימערענדען ליכט; גלימערענדיג.

aglit'ter *a. and adv.* (ע-גליט'-ער) ז. ***aglimmer***.

Aglos'sa *n.* (ע-גלאס'-ע) אזא מין פרעש וואס האבען ניט קיין צונג.

Aglossa

aglos'sal *a.* (ע-גלאס'-על) וואס האט ניט קיין צונג; אהן א צונג.

aglow' *adv. and a.* (ע-גלאו') גליהענד.
The skies are **aglow** with the sunset.

ag'nail *n.* (עג'-נייל) א נאגעל-געשוויר; א היהנער-אויג.

ag'nate *n. and a.* (עג'-נייט) א קרוב נור פון דער זייט פון די מאנסבילען; אגנאטיש, פערוואנדט דורך'ן פאטער'ס צד.

agna'ti *n.* (עג-ניי'-טאי) קרובשאפט נור פון דעם צד פון די מאנסבילען אין דער פאמיליע [א יורידישער אויסדרוק].

agnat'ic *a.* (עג-נעט'-איק) וואס איז שייך צו א קרוב פון פאטער'ס צד אדער בכלל פון דער זייט פון די מאנסבילען אין דער פאמיליע.

agnat'ically *adv.* (עג-נעט'-אי-קעל-אי) אגנאטיש. ז. ***agnate***

agna'tion *n.* (עג-ניי'-שאן) לייבליכע קרוב'שאפט פון פאטערס צד.

Agnoë'tæ *n.* (עג-נא-אי'-טי) א געוויסע קריסטליכע סעקטע, וועלכע האט זיך געהאט געגרינדעט אין 4טען יאהרהונדערט און וועלכע האט געלייקענט אין דער אלוויסענהייט פון גאט. זיי האבען געגלויבט, אז דאס פערגאנגענע וויים גאט דורך געדענקען און די צוקונפט שטעלט ער זיך פאר דורך לאגישע שליסע פון דער געגענווארט.

agno'men *n.* (עג-נאו'-מען) א צונאמען, א ביינאמען.

agnom'inal *a.* (עג-נאמ'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א ביינאמען אדער צונאמען.

agnomina'tion *n.* (עג-נאמ-אי-ניי'-שאן) דאס געבען א צונאמען; דער צוזאמענקלאנג פון ווערטער; א גראם.

agnos'tic *n. and a.* (עג-נאס'-טיק) אן אגנאסטיקער [א דענקער וואס האלט דאס מען קען ניט גלויבען זאכען וואס קענען נישט בעוויזען ווערען, אז גאט קען מען ניט וויסען און אז דאס וואס מען וויים ניט איז ניטא וואס צו גלויבען]; וואס געהערט צו די אגנאסטיקער; וואס געהערט צו די מיינונגען און אידעען פון די אגנאסטיקער.

agnos'tically *adv.* (עג-נאס'-טי-קעל-אי) פון אן אגנאסטישען שטאנדפונקט; מיט דער נייגונג צו אגנאסטיציזם; ווי אן אגנאסטיקער. ז. ***agnostic***

agnos'ticism *n.* (עג-נאס'-טי-סיזם) די לעהרען און אידעען פון די אגנאסטיקער. ז. ***agnostic***

agnos'tics *n.* (עג-נאס'-טיקס) די אגנאסטיק [די לעהרע פון די אגנאסטיקער]. ז. ***agnostic***

ag'nus *n.* (עג'-נאס) דאס בילד פון א שעפס אלס א בעצייכנונג פאר יעזוס קריסטוס.

ag'nus cas'tus (עג'-נאס קעס'-טאס) קיישבוים [אזא בוים מיט פינגער-פערמיגע בלעטער פון בלוילִיכען קאליר].

Ag'nus De'i (עג'-נאס די'-אי) גאטס לעמעלע [געברויכט אלס א נאמען פאר יעזוס קריסטוס]; א נשמה-ליכטעל אין קירך; א הייליגע קריסטליכע תפילה; א הייליג קריסטליך בילד מיט דער אבצייכנונג פון א לעמעלע, וואס טראגט א קרייץ.

ago' *adv. and a.* (ע-גאו') פאריבער, פארביי; צוריק, פריהער.

agog' *adv. and a.* (ע-גאג') בעגיריג, גע-לוסטיג; אויפגערעגט פון תאוה אדער פון פרייד.

Visitors are expected; therefore, the house is all **agog** with excitement.

agom'eter *n.* (ע-גאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צום מעסטען אדער רעגולירען דעם עלעקטרישען ווידערשטאנד.

agomphi'asis *n.* (ע-גאמ-פאי'-ע-סיס) דאס פערליערען די צייהנער.

agone' *adv. and a.* (ע-גאן') ז. ***ago***

agon'ic *a.* (ע-גאנ'-איק) אהן ווינקלען.

ag'onies of sor'row (עג'-א-ניעז אוו סאר'-או) די גרעסטע גייסטיגע יסורים.

ag'onism *n.* (עג'-אנ-איזם) פרייזקאמפף, וועטקאמפף.

ag'onist *n.* (עג'-א-ניסט) איינער וואס קאנקורירט צו געווינען א פרייז.

agonis'tic *a.* (עג-א-נים'-טיק) וואס אנבעלאנגט צו א וועטקאמפף; וואס שטרעבט צו מאכען אן איינדרוק; קריעגעריש.

agonis'tical *a.* (עג-א-נים'-טיק-על) ז. ***agonistic***

agonis'tics *n.* (עג-א-נים'-טיקס) די קונסט און לעהרע פון וועט-קאמפ אדער ראנגלען זיך.

ag'onize *v.* (עג'-א-נאיז) מאטערען, קוועלען, אנטהאן גרויסע ליידען; זיך מאטערען, ליידען גרויסע שמערצען; מאכען א גרויסע אנשטרענגונג.

ag'onizing *a.* (עג'-א-נאי-זינג) מיט גרויסע יסורים, העכסט פיינליך, זיך ראנגלענדיג מיט'ן טויט.

He suffered **agonizing** pain after the operation.

ag'onizingly *adv.* (עג'-א-נאי-זינג-לי) ז. ***agonizing***

ag'ony *n.* (עג'-א-ני) אגאניע, גסיסה, טויטמאטערניש, שרעקליכע יסורים.

ag'ony of death (עג'-א-ני אוו דעטה) גסיסה.

ag'ony of heat (עג'-א-ני אוו היעט) א שרעקליכע היץ; א גהינום היץ.

ag'ony of love (עג'-א-ני אוו לאוו) ליעבעס יסורים.

ag'ony of tears (עג'-א-ני אוו טיערז) א שטראם טרערען; א פיינליכער געוויין.

agou'ta *n.* (ע-גו'-טא) אזא מין קליינער קראט.

Agouta

agou'ti *n.* (ע-גו'-טי) שוויין קאנינכען [אזא קראליק].

agou'ty *n.* (ע-גו'-טי) ז. ***agouti***

agraffe' *n.* (ע-גרעף') א גרויסע שפראנדזשקע אדער העקעל [צום פערשפיעלענען], א קלאמער.

agram'matism *n.* (ע-גרעמ'-ע-טיזם) דאס ניט זיין אימשטאנדע ריכטיג צונויפצושטעלען א גראמאטיקאלישען זאץ.

agram'matist *n.* (ע-גרעמ'-ע-טיסט) איינער וואס קען ניט לעזען און שרייבען; אן עם הארץ.

agraph'ia *n.* (ע-גרעפ'-אי-ע) דאס פערלירען די פעהיגקייט אויסצודריקען א געדאנק דורך שריפט.

agra'rian *n. and a.* (ע-גריי'-רי-ען) איינער וואס איז אן אנהענגער פון א פארטיי וואס פערלאנגט גלייכע ערדפערטיילונג; וואס איז שייך צו דער ערדפערטיילונג; א לאנדסבעזיצער [אגראריער]; א קענער אין לאנדווירטשאפט.

agra'rianism *n.* (ע-גריי'-רי-ענ-איזם) די טעאריע פון גלייכע לאנדפערטיילונג; די בעוועגונג פאר גלייכע לאנדפערטיילונג.

agra'rian law (ע-גריי'-רי-ען לאה) לאנדווירטשאפטס געזעץ.

agree' *v.* (ע-גריע') 1. איינשטימען; צוגעבען, איינווילִיגען; בעשליסען; 2. זיך פערגלייכען; זיין פאסענד.

1. They **agreed** to form a partnership. 2. He **agrees** with my opinion.

agreeabil'ity *n.* (ע-גריע-ע-ביל'-אי-טי) איינשטימיגקייט; אנגענעהמליכקייט, חן.

agree'able *a.* (ע-גריע'-עבל) פאסענד; אנגענעהם; וויליג איינצושטימען.

agree'ableness *n.* (ע-גריע'-עבל-נעס) איינשטימונג; אנגענעהמליכקייט, חן.

agree'ably *adv.* (ע-גריע'-ע-בלי) פאסיג; אנגענעהם, וויליג איינצושטימען.

He was **agreeably** surprised to meet me.

agree' again' (ע-גריע' ע-גען') ווידער איינִיג; ווידער גוט-פריינד.

agreed' *int.* (ע-גריעד') אבגעמאכט! ריכטיג! עס בלייבט דערביי!

agree' like cat and dog (ע-גריע' לאיק קעט ענד דאג) שטימען ווי א קאץ מיט א הונד.

agree'ment *n.* (ע-גריע'-מענט) איינשטימונג, פעראייניגונג; אבמאך.

agree'ment in tune (ע-גריע'-מענט אין טיון) הארמאניע.

agree' on some'thing (ע-גריע' אן סאמ'-טהינג) זיך אייניגען איבער עפעס.

agree' to (ע-גריע' טו) צופאסען צו...; געפעלען; אננעהמען, צושטימען.

agree' to an of'fer (ע-גריע' טו ען אפ'-ער) אן אנבאט אננעהמען.

agree' to an opin'ion (ע-גריע' טו ען א-פינ'-יאן) צושטימען צו א מיינונג.

agree' togeth'er (ע-גריע' טו-געטה'-ער) זיין איינִיג.

agree' upon' (ע-גריע' א-פאן') ווענען עטוואס איינִיג ווערען, ווענען עטוואס מושוה ווערען, בעשליסען איבער עטוואס.

They **agreed upon** the terms of the contract.

agree' with (ע-גריע' הוויטה) צופאסען זיך צו...; געפעלען.

This kind of food **agrees with** me.

agres'tial *a.* (ע-גרעס'-טשיעל) דארפיג, פראסט, בויעריש.

When he came to the city, he put off his **agrestial** habits.

agres'tic *a.* (ע-גרעס'-טיק) בויעריש, דארפיש, פראסט.

agres'tical *a.* (ע-גרעס'-טיק-על) ז. ***agrestic***

agres'tic life (ע-גרעס'-טיק לאיף) דאס דארפישע לעבען.

agric'olous *a.* (ע-גריק'-א-לאס) בעשעפטיגענדיג זיך מיט לאנדווירטשאפט; וואס איז שייך צו לאנד-ארבייט.

agricul'tural *a.* (ע-גרי-קאל'-טשור-על) וואס געהערט צו לאנד ארבייט, לאנדווירטשאפטליך.

agricul'tural ant (עג-רי-קאל'-טשור-על ענט) אזא מוראשקע [אמייזע], וועלכע ריינִיגט אב דעם גרונט פון יעדע גרינס אין דער נאכבארשאפט פון איהר נעסט.

agricul'tural chem'istry (עג-רי-קאל'-טשור-על קעמ'-אים-טרי) אגריקולטור-כעמיע [דער טייל פון כעמיע וואס פערנעהמט זיך מיט די כעמישע אייגענשאפטען און צוזאמענזעצונגען פון פלאנצען, ערד-גרונד, פוטער א. ז. וו.].

agricul'turalist *n.* (עג-רי-קאל'-טשור-על-איסט) אגריקולטוריסט [א וויסענשאפטליכער לאנדווירט]; אן אנהענגער פון אגריקולטור.

agricul'turally *adv.* (עג-רי-קאל'-טשור-על-אי) אין בעצוג צו לאנד-ארבייט; אויף א לאנד-ווירטשאפטליכען שטייגער.

agricul'tural machine' (עג-רי-קאל'-טשו-רעל מע-שין') א לאנדווירטשאפטס-מאשין, א מאשין פאר ערד-ארבייט.

agricul'tural soci'ety (עג-רי-קאל'-טשור-על סא-סאי'-ע-טי) לאנדווירטשאפטליכער פעראיין.

ag'riculture *n.* (ענ'-רי-קאל-טשור) ערד ארבייט, לאנד־ווירטשאפט.

agricul'turism *n.* (ענ-רי-קאל'-טשור-איזם) די לאנדווירטשאפט אלס וויסנשאפט, דאס אגריקולטור סיסטעם.

agricul'turist *n.* (ע-גרי-קאל'-טשור-איסט) א בויער, אן ערד־ארבייטער, א לאנד־ווירטה.

ag'rimony *n.* (ענ'-רי-מא-ני) שישקעס, בערעלעך.

agriolog'ical *a.* (ענ-רי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צום שטודיום פון פערגלייכען די מנהגים און געוואהנהייטען פון די מענשען אין זייער אונציוויליזירטען צושטאנד.

agriol'ogist *n.* (ענ-רי-אל'-א-דזשיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שטודיום פון פערגלייכען די מנהגים און געוואהנהייטען פון די מענשען אין זייער אונציוויליזירטען צושטאנד.

agriol'ogy *n.* (ענ-רי-אל'-א-דזשי) דאס שטודיום פון פערגלייכען די מנהגים און געוואהנהייטען פון די מענשען אין זייער אונציוויליזירטען צושטאנד.

agrodol'ce *n.* (ענ-ראו-דאול'-טשע) א פעראייניגונג פון זיס און זויער.

ag'ronome *n.* (ענ'-רא-נאום) אן אגראנאם [א קענער, א געשטודירטער אין לאנד־ווירטשאפט].

agronom'ic *a.* (ענ-רא-נאמ'-איק) לאנד־ווירטשאפטליך, וואס געהער צו לאנדווירטשאפט.

agronom'ical *a.* (ענ-רא-נאמ'-אי-קעל) ז. ***agronomic***.

agronom'ics *n.* (ענ-רא-נאמ'-איקס) די וויסענשאפט פון לאנד־פערוואלטונג אדער לאנד־קולטיווירונג.

agron'omist *n.* (ע-גראנ'-א-מיסט) אן אגראנאם, איינער וואס שטודירט אגראנאמיע.

agron'omy *n.* (ע-גראנ'-א-מי) אגראנאמיע, די וויסענשאפט צו קולטיווירען אדער פערוואלטען לאנד.

agrope' *adv.* (ע-גראופ') טאפענדיג אין דער פינסטער.

Agros'tis *n.* (ענ-ראס'-טיס) שטרויים גראזען, ראהר־גראזען [צו דעם מין געהערען די מייסטע פיטערונגס־גראזען].

agrostog'rapher *n.* (ענ-ראס-טאג'-רע-פער) איינער וואס בעשרייבט די נאטור און די אייגענשאפטען פון גראזען.

agrostograph'ic *a.* (ע-גראס-טא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון גראזען.

agrostograph'ical *a.* (ע-גראס-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***agrostographic***.

agrostog'raphy *n.* (ענ-ראס-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דער נאטור און אייגענשאפטען פון גראזען.

agrostolog'ic *a.* (ע-גראס-טא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע פון גראזען.

agrostolog'ical *a.* (ע-גראס-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***agrostologic***.

agrostol'ogist *n.* (ענ-ראס-טאל'-א-דזשיסט) א קענער אין גראזען.

agrostol'ogy *n.* (ענ-ראס-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער באטאנישער וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער פארשונג פון גראזען.

aground' *adv.* (ע-גראונד') אויף דעם גרונד, אויף דעם באדען, אויף דער ערד.

agryp'nia *n.* (ע-גריפ'-ני-ע) שלאפלאזיגקייט.

agrypnot'ic *a. and n.* (ענ-ריפ-נאט'-איק) וואס שטערט דעם שלאף; וואס מאכט שוואך; א מיטעל צום פערטרייבען דעם שלאף [אין דער מעדיצין].

a'gue *n.* (איי'-גיו) דאס קאלטע פיבער; קאלטע קדחת.

a'gue-cake *n.* (איי'-גיו־קייק) דער פיבער קוכען [א געשוואולסט אונטער די ריפען].

a'gued *a.* (איי'-גיוד) האבענדיג פיבער; פיבערהאפטיג, ציטערענדיג ווי פון קאלטען פיבער.

a'gue-fit *n.* (איי'-גיו־פיט) פיבער אנפאל.

a'gue-pow'der *n.* (איי'-גיו-פאו'-דער) א פולווער געגען פיבער.

a'gue-proof *a.* (איי'-גיו־פרוהף) וואס האט קיין מורא ניט פאר פיבער, געשיצט פון פיבער.

a'gue-spell *n.* (איי'-גיו־ספעל) א געהיימניספולער מיטעל, וואס ווירקט געגען פיבער.

a'gue-struck *a.* (איי'-גיו־סטראק) בעפאלען פון פיבער.

a'gue-tree *n.* (איי'-גיו־טריע) אזא בוים.

a'guish *a.* (איי'-גיו-איש) פיבערהאפט; ציטערענדיג ווי פון קאלטען פיבער.

a'guishness *n.* (איי'-גיו-איש-נעס) פיבערהאפטיגקייט.

ag'ynous *a.* (עדזש'-אי-נאס) וואס האט ניט קיין ווייבליכע ארגאנען [ביי פלאנצען].

ah *int.* (אה) אה! א! אך. הא!

a'ha *n.* (א'-הא) א פארקאן [א צאם] אין א גראבען [אבצוצאמען א לאנקע פאר א הויז].

ahead' *adv.* (ע-העד') פאראויס, פארווערטס; איבער האלז און קאפ.

ahead of us (ע-העד' אוו אס) בעפאר אונז.

aheap' *adv.* (ע-היעפ') אין א קופע; צונויפגעקארטשעטערהייד.

ahem' *int.* (ע-העם') הם! [אן אויסדרוק פון פערלעגענהייט].

ahold' *adv.* (ע-האולד') אין דער ריכטונג פון ווינד.

The captain's order was: "Lay the ship a-hold!"

ahoy' *int.* (ע-האי') האלא! [אן אויסרופונגס ווארט פון מאטראזען].

a'i *n.* (א'-אי) אאי [א נאמען פון א געוויסע פוילע חיה, וועלכע האט דריי נעגעל אין יעדער פוס].

Ai

aid' *n. and v.* (אייד') הילפע, שטיצע; העלפען; ביישטעהן.

The strong are here to **aid** the weak.

ai'dance *n.* (איי'-דענס) הילפע, שטיצע.

ai'dant *a.* (איי'-דענט) בעהילפיג; העלפענדיג.

aide *n.* (אייד) ז. ***aide-de-camp***

aide-de-camp' *n.* (אייד-דע-קאן') אדיוטאנט.

ai'der *n.* (איי'-דער) געהילף; העלפער; שטיצער.

aid'less *a.* (אייד'-לעס) הילפלאז, אהן הילף; אהן שטיצע.

ai'ery *n. and v.* (איי'-ער-אי) ז. ***aerie***

ai'gremore *n.* (איי'-גער-מאור) שטויב־קויהלען פערפארטיגט פאר דעם געברויך פון פאבריצירען שיס־פולווער.

ai'gret *n.* (איי'-גרעט) א מין פויגעל מיט א פעדער־קרוין אויף'ן קאפ; א פעדער־קרוין, דימאנטשטרויס [אזא צירונג שטיק, וואס פרויען טראגען אין די האר].

aiguille' *n.* (איי-גהוויל') א שארפער שפיץ פון א בארג; אן עגבער פאר שטיינער.

ai'kinite *n.* (איי'-קינ-איט) א כעמישע שוועפעל־פערבינדונג פון וויסמוט, בליי און קופער. דיעזע פערבינדונג האט א שווארץ־גרויען בליי־קאליר מיט א מעטאלישען גלאנץ.

ail *n. and v.* (אייל) דאס זיין ניט אין גאנצען ביים געזונד; קראנק זיין; עפעס פעהלען [אין געזונד]; אונרוהיג זיין.

Something **ails** me, but I can not locate the pain.

Ailan'tus *n.* (איי-לענ'-טאס) א מין בוים, וואס וואקסט אין אזיען.

ai'ling *a.* (איי'-לינג) ניט אין גאנצען [געזונד], קרענקליך.

ail'ment *n.* (אייל'-מענט) שמערץ, קראנקהייט.

aim *n. and v.* (איים) ציעל, צוועק; אבזיכט, כונה; שטרעבען; צילעווען.

aim at (איים עט) 1. שטרעבען צו... 2. צילעווען אין...

1. To **aim at** distinction is noble. 2. He **aims at** the target.

ai'mer *n.* (איי'-מער) איינער וואס צילעוועט; א בעשטרעבער.

aim'ful *a.* (איימ'-פול) פול מיט שטרעבונגען אדער מיט אבזיכטען.

aim'fully *adv.* (איימ'-פול-אי) מיט בעשטימטע ציעלען אדער בעשטרעבונגען.

ai'ming-drill *n.* (איי'-מינג-דריל) דאס לערנען סאלדאטען ווי צו צילעווען ביים שיסען.

ai'ming-stand *n.* (איי'-מינג-סטענד) דער ארט וואו מען דארף האלטען דעם ביקס ביים צילעווען.

aim'less *a.* (איימ'-לעס) 1. צוועקלאז; 2. ציעללאז.

1. **Aimless** wandering. 2. **Aimless** shooting.

aim'lessly *adv.* (איימ'-לעס-לי) אהן א ציעל; אהן א צוועק.

aim'lessness *n.* (איימ'-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין בעשטימטען ציעל.

ain't (איינט) אבקירצונג פון ***am not*** [בין ניט] און ***are not*** [זיינען ניט].

air *n. and v.* (עהר) 1. לופט; לופטערן; אויסלופטערן; געניסען פרישע לופט; 2. פערעפענטליכען, ארויסברייגגען אין דער עפענטליכקייט; 3. מעלאדיע, אריע, ליעד; 4. מינע, אויסזעהן, ערשיינונג.

1. **Air** your room and your clothes. 2. I want to **air** my views. 3. He sang a familiar **air**. 4. The lady has a graceful **air**.

air a horse (עהר ע הארס) אויסרייטען א פערד; ארויסלאזען א פערד אויף דער פרישער לופט.

air'-bag *n.* (עהר'-בעג) א לופט־זאק [אזא זאק וואס קען אויפגעבלאזען ווערען און ווערט בענוצט צו הויבען געזונקענע שיפען]; אזא בלאז־זאק וואס ווערט בענוצט צו רייניגען די ערד־פורעמס אין אייזען־גיסערייען.

air'-balloon' *n.* (עהר'-בע-לוהן') א לופט־באלאן.

air'-bath *n.* (עהר'-בעטה) א לופט־באד, א זון־באד.

air′-bed *n.* (עהר׳־בעד) א לופט־מאַטראַץ.
air′-blad′der *n.* (עהר׳־בלעד׳־ער) די לופט־בלאָז; דער פענכער, די שווים־בלאָז [א בלאָז אנגעפילט מיט לופט אין דעם פאָדערשטען טייל פון א פיש].


Air-bladder

air′-blast *n.* (עהר׳־בלעסט) א לופט־שטראָם געטריבען דורך דרוק [אין מע־טאַל שמעלץ־אויווענס].
air′-born *a.* (עהר׳־באָרן) אהן ממשות, פאַנטאַסטיש, צונויפגעשטעלט פון דער לופט.
air′-borne *a.* (עהר׳־באָורן) טראָגענדיג זיך אין דער לופטען.
air′-box *n.* (עהר׳־באָקס) אזא קוימען פון ברעטער אין קויהלען־גריבער פאר דעם צוועק פון ווענטילאַציאָן; אזא ראָהר צום צופיהרען לופט אין א שמעלץ־אויווען.
air′-brake *n.* (עהר׳־ברייק) א לופט־ברעמזע [די איינריכטונג ביי באַהנען אדער טראַמוואַיען איינצוהאַלטען די רע־דער דורך צונויפגעפרעסטע לופט].
air′-brea′ther *n.* (עהר׳־ברי׳־טהער) א חיה וואס אטהעמט לופט [בעזאָנדערס א ים־חיה וואס האט לונגען און אטהעמט לופט].
air′-brick *n.* (עהר׳־בריק) א ציעגעל וואס האט לעכער פאר דעם דורכגאַנג פון לופט, פאר ווענטילאַציאָנס־צוועקען; אזא מעטאַלענער קעסטעל אין דער גרויס פון א ציעגעל, וואס האט לעכער פאר דעם דורכגאַנג פון לופט.
air′-bub′ble *n.* (עהר׳־באַבל) א לופט־בלאָז.
Boiling water gives off **air-bubbles.**
air′-built *a.* (עהר׳־בילט) אהן ממשות, געמאַכט פון לופט, איינגעבילדעט.
air′-cam′el *n.* (עהר׳־קעמ׳־על) א לופט־צימער אין א שיף כדי זי זאל זיך ניט זעצען צו טיעף אין וואַסער.
air′-car′bureter *n.* (עהר׳־קאַר׳־ביו־רעט־ער) אן אפּאַראַט אין וועלכען לופט קומט אין בעריהרונג מיט פליסיגע הידראָ־קאַרבאָן [א פערבינדונג פון קויהלען־שטאָף מיט וואַסער־שטאָף] און ענטצינדעט עס [ווערט בענוצט ביי גאַז־מאַשינען].
air′-ca′sing *n.* (עהר׳־קיי׳־סינג) א לופט־איינפאַסונג [אן איינפאַסונג, וואס לאָזט ניט דורך קיין לופט, וועלכע ווערט געמאַכט פון אייזען־בלעך ארום א ראָהר כדי איהם אבצוהיטען פון אויסערע טעמ־פעראַטור ענדערונגען].
air′-castle *n.* (עהר׳־קעסל) א לופט־שלאָס.
air′-cav′ity *n.* (עהר׳־קעוו׳־אי־טי) לופט־רוים [אין מאַשינען].
air′-cell *n.* (עהר׳־סעל) [די לופט־צעלע קליינטשיקע לופט־גריבעלעך אין דעם קער־פער פון מענשען און חיות].
air′-cham′ber *n.* (עהר׳־טשיים׳־בער) לופט־קאַמער; לופט־קאַסטען [ביי מאַשי־נען].
air′-cock *n.* (עהר׳־קאַק) א לופט־קראַן [אריינצולאָזען און ארויסצולאָזען לופט ביי געוויסע מאַשינען].
air′-col′or *n.* (עהר׳־קאָל׳־אָר) הימעל־קאָליר.
air′-coo′ler *n.* (עהר׳־קוה׳־לער) א לופט־קיהלער [אירגענד וועלכע פאַרריכ־טונג צו קיהלען די לופט].
air′-cush′ion *n.* (עהר׳־קוש׳־אָן) א לופט־קישען.
air′-drawn *a.* (עהר׳־דראָהן) איינגעבילדעט; אין דער לופט געשריבען.
air′-dried *a.* (עהר׳־דראַיד) געטריקענט אין דער לופט.
air′-duct *n.* (עהר׳־דאַקט) א דורכגאַנג פאר לופט.
ai′re *n.* (אי׳־רע) אן אריסטאָקראַט, איי־נער וואס געהערט צו די העכערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט.
air′-en′gine *n.* (עהר׳־ען׳־דזשין) א מאַ־שין וואס ארבייט דורך געפרעסטע לופט; א מאַשין, וואס פרעסט צוזאַמען די לופט.
air′er *n.* (עהר׳־ער) א לופטערער, איינער וואס לופטערט אדער טריקענט.
air′-escape′ *n.* (עהר׳־עס־קייפּ׳) א לופט־לאָך, א לאָך דורך וועלכער די לופט געהט ארויס.
air′-fau′cet *n.* (עהר׳־פּאָה׳־סעט) ז. ***air-cock***.
air′-fil′ter *n.* (עהר׳־פיל׳־טער) א לופט־פילטער [אזא אפּאַראַט צו ריינינגען די לופט פון שטויב, רויך א. ד. ג.].
air′-flue *n.* (עהר׳־פלו) ז. ***air-box***.
air′-gage *n.* (עהר׳־גיידזש) אן אפּאַראַט וואס צייגט אן דעם דרוק פון לופט אדער גאַזען.
air′-gas *n.* (עהר׳־געס) אן ענטצינדבאַ־רער און לייכטענדער גאַז וואס מען בע־קומט דורך מישען לופט מיט דעם דאַמפּף פון פּעטראָלעאום, נאַפט, בענזין אדער גאַזאָלין.
air′-gate *n.* (עהר׳־גייט) אן אונטער־אירדישער וועג אין קויהלען־גריבער, וואס ווערט הויפּטזעכליך בענוצט פאר ווענטי־לאַציאָן; אן עפנונג אין א פאָרם, אין וועלכען עס ווערט געגאָסען אייזען, פאר דעם ארויסטריט פון די גאַזען, וואס קליי־בען זיך דאָרט אן.
air′-gov′ernor *n.* (עהר׳־גאַוו׳־ער־נאָר) אזא פאַרריכטונג צו אפּאַראַטען און מאַשינען צו רעגולירען דעם דרוק אדער דעם צוטריט פון לופט.
air′-gun *n.* (עהר׳־גאַן) א ביקס וואס שיסט דורך געפרעסטע לופט.
air′-head′ing *n.* (עהר׳־העד׳־אינג) אן עפנונג אין א קויהלען־גרוב פאר דעם צו־טריט פון פרישע לופט.
air′-hol′der *n.* (עהר׳־האָול׳־דער) לופט־האַלטער; גאַז־מעטער [אזא אפּאַראַט].
air′-hole *n.* (עהר׳־האָול) לופט־לאָך, צוג־לאָך [א לאָך אריינצולאָזען לופט].
air′ified *a.* (עהר׳־אי־פאַיד) לופטיג; אהן ממשות, דין.
air′ily *adv.* (עהר׳־אי־לי) לייכט, צאַרט, גראַציעז, מונטער.
air′iness *n.* (עהר׳־אי־נעס) לופטינקייט; מונטערקייט, לעבעדיגקייט; דאס זיין גראַ־ציעז.
air′ing *n.* (עהר׳־אינג) דאס טריקענען, דאס לופטערען; דאס געניסען פרישע לופט; דאס דורכשפּאַציערען זיך, דאס דורכרייי־טען זיך; דאס דורכפאָהרען זיך.
air′ing-stage *n.* (עהר׳־אינג־סטיידזש) א פּלאַטפאָרם אדער ברעטער אויף וועלכע עס ווערען געלעגט מאַטעריאַלען צום טרי־קענען אין דער לופט.
air′ing-yard *n.* (עהר׳־אינג־יאַרד) א שפּאַציער־הויף; דער הויף פון א טורמע.
air′-jack′et *n.* (עהר׳־דזשעק׳־עט) א שווים־יאַק.
air′-lamp *n.* (עהר׳־לעמפּ) גאַז־לאַמפּ.
air′less *a.* (עהר׳־לעס) לופטלאָז, אהן לופט, דומפּיג.
air′-line *n. and a.* (עהר׳־לאַין) א גראַ־דע ליניע, גלייכע אייזענבאַהן ליניע; גלייך.
air′-lock *n.* (עהר׳־לאָק) א לופט־קאַמער אין אונטערוואַסער־שיפען.
air′-locomo′tive *n.* (עהר׳־לאָ־קאָ־מאָו׳־טיוו) א פּניימאַטישער לאָקאָמאָטיוו [א לאָקאָמאָטיוו, וואס בעוועגט זיך דורך גע־פרעסטע לופט].
air′-logged *a.* (עהר׳־לאָגד) פערהינ־דערט אין דער בעוועגונג דורך דער צו־נויפּפרעסונג פון לופט [ביי געוויסע מאַ־שינען].
air′-machine′ *n.* (עהר׳־מע־שין׳) א ווענטילאַציאָנס־מאַשין [א מאַשין צום אויסלופטערען].
air′-me′ter *n.* (עהר׳־מי׳־טער) א לופט־מעסטער [אן אפּאַראַט וואס מעסט וויפיעל לופט עס שטראָמט דורך אין אן ערט].
air′-pas′sage *n.* (עהר׳־פּעס׳־עדזש) דער וועג דורך וועלכען די לופט געהט אריין אין די לונגען.
air′-pil′low *n.* (עהר׳־פּיל׳־או) לופט־קישען.
air′-pipe *n.* (עהר׳־פּאַיפּ) לופט־ראָהר, לופט־שלויך.
air′-plant *n.* (עהר׳־פּלענט) א פּלאַנץ וואס וואַקסט אין דער לופטען.


Air-plants

air′-poise *n.* (עהר׳־פּאָיז) לופט־וואָג [א וואָג צום וועגען לופט].
air′-port *n.* (עהר׳־פּאָורט) א קליינע לאָך וואס ווערט געמאַכט אין זייט פון א שיף פאר דעם צוטריט פון לופט און ליכט.
air′-proof *a.* (עהר׳־פּרוף) וואס לאָזט ניט דורך קיין לופט.
air′-pump *n.* (עהר׳־פּאַמפּ) א לופט־פּומפּ.
air′-pyrom′eter *n.* (עהר׳־פּאַי־ראָמ׳־ע־טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען הויכע טעמפּעראַטורען.
air′-reg′ulator *n.* (עהר׳־רעג׳־יו־ליי־טאָר) א לופט־רעגולאַטאָר [אן אפּאַראַט צו רעגולירען דעם צוטריט און ארויסטריט פון לופט].
air′-reservoir′ *n.* (עהר׳־רעז־ער־וואָהר׳) ז. ***air-holder***.
air′-sac *n.* (עהר׳־סעק) א לופט זעקעל,

די לופט=זעקלעך אין פערשידענע טיילען פון קערפער ביים מענשען און חיות.

air'-shaft *n.* (עהר'-שעפט) לופט שאכט [אז עפענונג אין די קויהלען=גרובען פאר פרישע לופט]; ווענטילאטאר [אז עפע=נונג אין א הויז פאר פרישע לופט].

air'-ship *n.* (עהר'-שיפ) א לופט=שיף.



Air-ship

air'-space *n.* (עהר'-ספּיים) דער לופט=רוים אדער לופט=אינהאלט פון א צימער.

air'-spring *n.* (עהר'-ספּרינג) א פרו=זשינע וואס ווערט געדריקט פון צונויפגע=פּרעסטע לופט [אין פערשידענע מאשי=נען און מעכאניזמען].

air'-stack *n.* (עהר'-סטעק) אזא לופט=קוימען אין קויהלען=גריבער פאר ווענטי=לאציאן.

air'-stir'ring *a.* (עהר'-סטויר'-אינג) לופט בעוועגענד.

air'-stove *n.* (עהר'=סטאוו) לופט=הייצ=אויוועז.

air'-thermom'eter *n.* (עהר'=טהער-מאמ'-ע-טער) לופט=טערמאמעטער [א טערמאמעטער ביי וועלכען לופט ווערט גע=ברויכט אנשטאט קוועקזילבער].

air'-thread *n.* (עהר'-טהרעד) זומער=פאדים [פליהענדע שפינוועבס אין דער לופט, ענדע זומער].

air'-tight *a.* (עהר'-טאיט) לופט=דיכט [פעסט אז קיין לופט קען ניט צוקומען].

air'-tint *n.* (עהר'-טינט) לופט שאטירונג, לופט קאליר.

air'-trap *n.* (עהר'=טרעפ) לופט=אבצוג [אזא ווענטיל ביי מאשינען ארויסצולאזען די איבריגע/אנגעזאמעלטע לופט].

air'-trunk *n.* (עהר'-טראנק) אזא גרוי=סער ווענטילאטאר פאר דער רייניגונג פון דער לופט אין טעאטערס, פערזאמלונגס=זאלען א. ד. ג.

air'-valve *n.* (עהר'-וועלוו) לופט=ווענטיל [ביי דאמפפקעסעל אריינצולאזען לופט].

air'-ves'sel *n.* (עהר'-ווער'-על) א לופט=קאמער, א לופט=בעהעלטער [ביי מאשי=נען].

air'y *a.* (עהר'-אי) לופטיג, אהן האפט; לוסטיג, לעבעדיג.

air'y no'tions (עהר'-אי נאו'-שאנז) פוסטע פאנטאזיעס; לופט=שלעסער.

air'y schemes (עהר'-אי סקימז) פוסטע פלענער, לופטשלעסער.

aisle *n.* (איל) א דורכגאנג צווישען רייהען פון בייגק אדער שטוהלען אין א טעאטער, אין א קירך אדער א פערזאמלונגס=זאל; א צוגעבויטער פליגעל פון א געביידע.

aisled *a.* (אילד) וואס האט א דורכגאנג; וואס האט א צוגעבויטען פליגעל. ז. *aisle*

ait *n.* (אייט) א קליינער אינזעל אין א טייך.

ajar' *a. and adv.* (ע-דזשאר') האלב אפען [א טהיר]; ניט אין איינשטימונג.
Leave the door **ajar.**

ajou'pa *n.* (ע-דזשו'-פע) אזא ביידעל בעדעקט מיט צווייגען אדער בלעטער.

à jour (א זשור) דורכגעשטאכען דורך און דורך; דורכזיכטיג.

aj'utage *n.* (עדזש'-או-טעדזש) א לייקע, אז ארויפגעזעצטער ראהר [פון א שפּרינג=ברונעם].
The discharge of water through an **ajutage.**

ajut'ment *n.* (ע-דזשוט'-מענט) אז ארויסשטארצונג.

ake *n. and v.* (אייק) ז. *ache*

akim'bo *adv.* (ע-קימ'-באו) מיט די הענד אין די באקעס.
Her arms **akimbo,** she silently looked on.

akin' *adv. and a.* (ע-קין') פערוואנדט; אין קרוב'שאפט.

a'kin ap'ple (איי'-קין עפל) אזא זארט גאנץ רויטע עפעל [וועלכע וואקסען אין אמעריקא].
ז. איל. *"Cultivated fruits"*

akine'sia *n.* (עק-אי-ני'-סי-ע) פאראליז פון די בעוועגונגס=נערוועז; דאס פערלירען די קראפט זיך פריי צו בעוועגען.

à la (א לא) אויף דעם שטייגער, אויף דעם אופן, לויט.

a'la *n.* (איי'-לא) א פאכווע; א פלי=געל.

al'abaster *n. and a.* (על'-ע-בעס-טער) אלבאסטער [א פיינער זארט ווייכער און קלארער מארמאר=שטיין]; אלבאסטערנער.

al'abaster glass (על'-ע-בעס-טער גלעס) מילך=גלאז [אזא ווייס גלאז].

alabas'trian *a.* (על-ע-בעס'-טרי-ען) פון אלבאסטער.

alabas'trine *a.* (על-ע-בעס'-טרין) ווי אלבאסטער; וואס איז שייך צו אלבאס=טער.

à la carte (א לא קארט) נאך דער שפּיי=זע=קארטע [א מאלצייט, וואס ווערט גע=נומען אין א רעסטאראן און ווערט גע=צאהלט נור פאר די בעשטעלטע שפּייזען לויט די פרייזען, וואס פאר יעדער שפּייז איז אין דער שפּייזע=קארטע אנגעגעבען, אין גענענזאץ צו טאבל=דאט, וואו עס איז פעסטגעשטעלט א געוויסער פרייז פאר דעם גאנצען מאלצייט, גאנץ גלייך אויב מען האט גענומען אלע שפּייזען אדער ניט].

alack' *int.* (ע-לעק') אך! א וועה!

alac'rious *a.* (ע-לעק'-רי-אס) פרעהליך, מונטער, לעבעדיג.

alac'riously *adv.* (ע-לעק'-רי-אס-לי) מונטער, לעבעדיג, פרעהליך.

alac'riousness *n.* (ע-לעק'-רי-אס-נעס) לעבהאפטיגקייט, מונטערקייט, פריידיג=קייט; אויגענבליקליכקייט, האסטיגקייט.

alac'rity *n.* (ע-לעק'-רי-טי) 1. לעבהאפ=טיגקייט, פריידיגקייט, מונטערקייט; 2. איי=לענים, האסטיגקייט.
2. I accepted his offer with **alacrity,** fearing he might change his mind.

Alad'dinist *n.* (ע-לעד'-אינ-איסט) א פריידענקער ביי די מאכמעדאנער.

ala'lia *n.* (ע-ליי'-לי-ע) דאס פערלירען די קראפט צו בעוועגען די געלענקען.

alame'da *n.* (א-לא-מיי'-דא) א שפּא=ציער=גאנג וואס איז פון די זייטען בע=פלאנצט מיט בוימער.

alamodal'ity *n.* (א-לא-מאו-דעל'-אי-טי) דאס אנפּאסען זיך צו דער מאדע.

alamode' *adv. and a.* (א-לא-מאוד') נאך דער מאדע; אנגעפּאסט צו דער מאדע.

alamort' *a.* (א-לא-מארט') טויטליך.

à-la-mort' *a.* (א-לא-מארט') ז. *alamort*

a'lar *a.* (איי'-לאר) וואס אנבעלאנגט צו די פליגלען אדער פאכווע; פליגעלפער=מיג.

alarm' *n. and v.* (ע-לארם') א לארם, א טרעוואגע; רופען סאלדאטען צו געוועהר; לארמען; בעאונרוהיגען.
The news **alarmed** me.

alarm'-bell *n.* (ע-לארם'=בעל) שטורם=גלאק [א גלאק מיט וועלכען מען קלינגט טרעוואגע].

alarm'-clock *n.* (ע-לארם'=קלאק) א וועק=קער [א וועק=זייגער].

alarm'-com'pass *n.* (ע-לארם'-קאמ'-פעס) א קאמפּאס אויף א שיף וואס האט א געוויסע עלעקטרישע פארריכטונג צו געבען א לארם=סיגנאל ווען די שיף וויכט אב פון איהר קורס.

alarm'-drum *n.* (ע-לארם'=דראם) א פויק אין וועלכען מען קלאפּט טרעוואגע.

alarmed' at (ע-לארמד' עט) דערשרא=קען, איבערראשט פון . . .

alarm'-fun'nel *n.* (ע-לארם'-פאנ'-על) אזא פילער פאר ביער, וויין אדער אנדע=רע פליסיגקייטען וואס גיט א לארם=סיגנאל ווען די פאס ווערט פול.

alar'ming *a.* (ע-לאר'-מינג) בעאונרו=היגענדיג.

alar'mingly *adv.* (ע-לאר'-מינג-לי) דורך טרעוואגע; מיט לארם; מיט בע=אונרוהיגונג.

alar'mist *n.* (ע-לאר'-מיסט) איינער וואס מאכט א טרעוואגע אדער רעש אומזיסט.

alarm'-lock *n.* (ע-לארם'-לאק) א לארם=שלאס [אזא שלאס וואס ווען מען פאנגט איהם אז צו שליסען אדער אבשלי=סען פאנגט ער אז צו קלינגען].

alarm' of fire (ע-לארם' אוו פאיר) פייער=טרעוואגע.

alarm'-post *n.* (ע-לארם'=פּאוסט) א פּלאץ, וואו סאלדאטען קלייבען זיך צוזא=מען ,ווען מען קלאפּט טרעוואגע.

alarm'-tel'egraph *n.* (ע-לארם'-טעל'-ע-גרעף) גלאקען=טעלעגראף.

alarm'-watch *n.* (ע-לארם'=הוואטש) א טאשען וועק=זייגער.

a'lary *a.* (איי'-לע-רי) וואס אנבעלאנגט צו פליגלען; וואס האט די פארם פון א פליגעל.

alas' *int.* (ע-לעס') אך! א וועה! ליידער!

alas' for shame ! (ע-לעס' פאר שיים) א חרפה!

alas' the day ! (ע-לעס' טהי דיי) א, אונגליקליכער טאג! פערפלוכט זאל זיין דער טאג!

alas' the while! (ע-לעס' טהי הוואיל) א, אונגליקליכע צייט! פערפלוכט זאל זיין די וויילע!

a'late *a.* (איי'-לייט) געפליגעלט, פליגעל=פערמיג [א בעצייכנונג פאר געוויסע פלאנ=צען אדער פרוכט].

a'lated *a.* (איי'-ליי-טעד) געפליגעלט; פליגעלפערמיג [א בעצייכנונג פאר געווי=סע פלאנצען אדער פרוכט].

ala'tion *n.* (ע-ליי'-שאן) דאס האבען פליגלען; די פארם ווי עס בילדען זיך פליגלען ביי אינזעקטען.

alb *n.* (עלב) כאר=העמד [אזא פריסטער=מאנטעל].

al'ba *n.* (על'-בא) דער ווייסער שטאף אין דעם הויפט נערוועז סיסטעם.

al'bacore *n.* (על'-בע-קאור) א מין גרוי=סער פיש.

Albacore

alba'ta *n.* (על-ביי'-טא) ווייס=מעטאל [אזא מעטאל וואס איז צוזאמענגעמישט פון קופער, ניקעל און צינק]

al'batross *n.* (על'-בע-טראָס) א מין גרויסער ים=פויגעל, מיט זעהר שמאָלע פליגלען, וועלכער פליהט זעהר גוט.



Albatross

albe'it *c.* (אהל-בי'-איט) אבוואָהל, כאָטש, אפילו.

albes'cence *n.* (על-בעס'-ענס) ווייסליכקייט; דאָס ווערען ווייס.

albes'cent *a.* (על-בעס'-ענט) ווייסליך; וואָס ווערט ווייס.

al'bicore *n.* (על'-בי-קאָור) ז. ***albacore***

Albigen'sian *n. and a.* (על-בי-דזשענ'-סי-ען) אן אלביגענזער [אן אנהייננגער פון א געוויסע קריסטליכע רעפאָרמער סעקטע]; וואָס אנבעלאַנגט צו אלביגענזער.

albi'no *n.* (על-באי'-נאָו) אוננאַטירליכע ווייסקייט ביי מענשען, חיות און פלאַנצען; א מענש מיט מילך=ווייסע הויט און האָר און מיט העל=רויטע אויגען.

Al'bion *n.* (על'-בי-אָן) א פּערצייטיגער נאָמען פאַר גרויס בריטאַניען [ענגלאַנד].

al'bite *n.* (על'-באַיט) דער אלביט [אזא ווייסער שטיין].

albit'ic *a.* (על-ביט'-איק) וואָס איז שייך צום אלביט=שטיין.

al'bolith *n.* (על'-באָ-ליטה) אזא צעמענט וועלכער ווערט בענוצט צום פּעריכטען בעשעדיגטע שטיין=ארבייט.

Alb Sun'day (עלב סאַנ'-דיי) דער ערשטער זונטאָג נאָך פּאַסכאַ [קריסטליכער פסח].

albugin'ea *n.* (על-ביו-דזשינ'-אי-א) א ווייסע פעדימדיגע שטאָף פון קערפּער; די ווייסעל פון אויג.

albugin'eous *a.* (על-ביו-דזשינ'-אי-אָס) וואָס אנבעלאַנגט צום ווייסעל פון אויג אדער פון אן איי; ענליך צו איי=ווייס.

albugin'eous hu'mor (על-ביו-דזשינ'-אי-אָס יו'-מאָר) די וואַסערדיגע פייכטיגקייט פון אויג.

albu'ginous *a.* (על-ביו'-דזשינ-אָס) ז. ***albugineous***

albu'go *n.* (על-ביו'-גאָו) א ווייסער פלעק אין אויג [אזא אויגען=קראַנקהייט].

al'bum *n.* (על'-באָם) אלבום, בילדער בוך, פאַמיליען בוך, עראינערונגס בוך.

albu'men *n.* (על-ביו'-מען) ווייסעל פון אן איי; איי=ווייס [א הויפּט שטאָף אין דעם קערפּער פון אלע לעבעדיגע בעשעפּענישען און אין די מייסטען פלאַנצען].

albu'menize *v.* (על-ביו'-מענ-איז) איינשמירען מיט ווייסעל פון אן איי.

albu'menoid *a. and n.* (על-ביו'-מענ-איד) ענליך צו איי=ווייס; א שטאָף וואָס ענטהאַלט איי=ווייס. ז. ***albumen***

albu'min *n.* (על-ביו'-מין) איי=ווייס [א הויפּט שטאָף אין דעם קערפּער פון אלע לעבעדיגע בעשעפּענישען און אין די מייסטען פלאַנצען].

albuminif'erous *a.* (על-ביו-מי-ניפ'-ע-ראָס) וואָס גיט ארויס איי=ווייס.

albu'miniform *a.* (על-ביו'-מי-ני-פאָרם) ענליך צו איי=ווייס.

albuminim'eter *n.* (על-ביו-מי-נימ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען דעם געהאַלט איי=ווייס אין אירגענד וועלכע פליסיגקייט.

albu'minin *n.* (על-ביו'-מי-נין) איי=ווייס.

albu'minize *v.* (על-ביו'-מי-נאַיז) ז. ***albumenize***

albu'minoid *a.* (על-ביו'-מי-נאָיד) ז. ***albumenoid***

albuminoi'dal *a.* (על-ביו-מי-נאָי'-דעל) וואָס איז שייך צו א שטאָף וואָס ענטהאַלט איי=ווייס.

albu'minose *a.* (על-ביו'-מינ-אָוס) וואָס ענטהאַלט איי=ווייס; וואָס איז ענליך צו אדער איז שייך צו איי=ווייס.

albumino'sis *n.* (על-ביו-מי-נאָו'-סיס) אזא צושטאַנד פון דעם בלוט ווען עס ענטהאַלט מעהר איי=ווייס ווי נויטיג.

albu'minous *a.* (על-ביו'-מינ-אָס) ז. ***albuminose***

albu'minousness *n.* (על-ביו'-מי-נאָס-נעס) דאָס ענטהאַלטען איי=ווייס; דאָס זיין ענליך צו איי=ווייס.

al'burn *n.* (על'-בוירן) דער ווייס=פיש; דער זאַפטיגער ווייסער האָלץ=שיכט פון א בוים אונטער דער קאָרע.

albur'nous *a.* (על-בויר'-נאָס) וואָס איז שייך צו דעם זאַפטיגען ווייסען האָלץ=שיכט פון א בוים אונטער דער קאָרע.

albur'num *n.* (על-בויר'-נאָם) דער זאַפטיגער ווייסער האָלץ=שיכט פון א בוים אונטער דער קאָרע.

alcaid' *n.* (על-קייד') דער הויפּט=בעאַמטער פון א שלאָס אדער פעסטונג; א געפענגנים דירעקטאָר.

alcal'de *n.* (על-קעל'-די) דער אלקאַלדע [ריכטער אדער בירגערמייסטער אין די שפּאַניש=שפּרעכענדע לענדער].

alcaldi'a *n.* (על-קעל-דיע'-א) דער אמט אדער געריכט=בעצירק פון דעם אלקאַלדע. ז. ***alcalde***

al'cali *n.* (על'-קע-לי) אלקאַלי; לויגזאַלץ [אזא כעמישער שטאָף וואָס האָט א גרויסע נייגונג זיך צו פערבינדען מיט זויערשטאָף, צוגעהט לייכט אין וואַסער, פאַרבט לאַקמוס פּאַפּיער בלוי, איז דער טייל פון אש, וואָס צוגעהט אין וואַסער; איז א וויכטיגער טייל פון זייף; צו דער אלקאַלי גרופּע געהערט: ליטיום, סאָדע, פּאָטאַש, רובידיום און צעזיום].

alcan'na *n.* (על-קענ'-ע) די קאָרע פון הענא=בוים.

alcayde' *n.* (על-קייד') ז. ***alcaid***

alca'zar *n.* (על-קא'-זאַר) א שפּאַנישער אדער מורישער פּאַלאַץ.

alchem'ic *a.* (על-קעמ'-איק) אלכעמיש, וואָס אנבעלאַנגט אדער איז פעראורזאַכט דורך אלכעמי. ז. ***alchemy***

alchem'ical *a.* (על-קעמ'-אי-קעל) ז. ***alchemic***

alchem'ically *adv.* (על-קעמ'-אי-קעל-אי) אויף אן אלכעמישען אופן; דורך אלכעמיע.

al'chemist *n.* (על'-קע-מיסט) א קענער פון אלכעמי. ז. ***alchemy***

alchemis'tic *a.* (על-קע-מיס'-טיק) אלכעמיסטיש, וואָס בעלאַנגט צו דער אלכעמיע.

alchemis'tical *a.* (על-קע-מיס'-טי-קעל) ז. ***alchemistic***

alchemis'tically *adv.* (על-קע-מיס'-טי-קעל-אי) דורך אלכעמיע.

alchem'istry *n.* (על-קעמ'-איס-טרי) אלכעמי. ז. ***alchemy***

al'chemy *n.* (על'-קע-מי) אלכעמי [דאָס גלויבען אין דעם, אז מען קען די פּראָסטע מעטאַלען פערוואַנדלען אין גאָלד].

al'chimist *n.* (על'-קי-מיסט) ז. ***alchemist***

al'cohol *n.* (על'-קאָו-האָל) אלקאָהאָל, ריינער ספּירט.

alcohol'ic *a. and n.* (על-קא-האָל'-איק) וואָס ענטהאַלט אלקאָהאָל; פעראורזאַכט פון אלקאָהאָל; א שכור.

alcoholic'ity *n.* (על-קא-האָל-איס'-אי-טי) די שטאַרקייט פון אלקאָהאָל.

al'coholism *n.* (על'-קא-האָל-איזם) אלקאָהאָליזם [די קראַנקהייט פון צופיעל טרינקען אלקאָהאָלישע געטרענק].

al'coholizable *a.* (על'-קא-האָל-אי-זעבל) וואָס קען פערוואַנדעלט ווערען אין אלקאָהאָל; וואָס קען ארויסגעבען פון זיך אלקאָהאָל.

alcoholiza'tion *n.* (על-קא-הא-לי-זיי'-שאָן) דאָס פערמישען א פליסיגקייט מיט ספּירט; די רייניגונג פון ספּירט.

al'coholize *v.* (על'-קא-הא-לאַיז) פערוואַנדלען אין ריינעם ספּירט.

alcoholom'eter *n.* (על-קא-האָל-אָמ'-ע-טער) אלקאָהאָלאָמעטער [אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען מעסט די שטאַרקייט פון אלקאָהאָל].



Alcoholometer

al'ter one's condi'tion (אהל'-טער הוואנז קאנ-דיש'-אן) ענדערען אימעצענס לאגע.

althæ'a *n.* (על-טהי'-ע) די מאלווע [אזא גארטען־פלאנצע].

altho' *c.* (אהל-טהאו') אבוואהל, כאטש, הגם, אפילו [אבקירצונג פון ווארט *although*].

alt'-horn *n.* (עלט'-הארן) דער אלט־הארן [אזא מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט].

although' *c.* (אהל-טהאו') אבוואהל, כאטש, הגם, אפילו.

altil'oquence *n.* (על-טיל'-א-קווענס) א געהויבענע [גענפוצטע] שפראך; אן ער־האבענע רעדע.

altil'oquent *a.* (על-טיל'-א-קווענט) הויך־קלינגענד; מיט א געהויבענע [גע־פוצטע] שפראך.

altim'eter *n.* (על-טימ'-ע-טער) אלטימע־טער [אן אינסטרומענט צו מעסטען הויכע ערטער (ווי בערג)].

altim'etry *n.* (על-טימ'-עט-רי) די מעס־טונג פון הויכע ערטער [ווי בערג].

al'tin *n.* (על'-טין) דער אלטין [א טער־קישע מטבע פון אן ערך 2 דאלער; אן אלטע רוסישע מטבע פון 3 קאפיקעס].

al'titude *n.* (על'-טי-טיוד) די הויכקייט; שפיץ פון בארג; הויכער גראד; הויכע שטופע; ערהאבענהייט.

altitu'dinal *a.* (על-טי-טיו'-די-נעל) וואס אנבעלאנגט צו הויכקייט. ז. *altitude*.

altiv'olant *a.* (על-טיוו'-א-לענט) הויך־פליהענד.

al'to *n. and a.* (על'-טאו) אלט־שטימע; זינגענדיג אלט־שטימע; הויך.

al'to clef (על'-טאו קלעף) דער אלט־שליסעל [אזא צייכען אין נאטען].

altogeth'er *adv.* (אהל-טו-געטה'-ער) צוזאמען; גאר, גאר אין גאנצען.

al'to-key *n.* (על'-טאו־קי) דער אלט־שליסעל [אזא צייכען אין נאטען]

al'to-octa'vo (על'-טאו־אק-טיי'-וואו) אן אקטאווע העכער [אין דער מוזיק].

al'to-rilie'vo *n.* (אל'-טאו־רי-ליע'-וואו) הויכער רעליעף, א הויכע בולט'קייט.

altrop'athy *n.* (על-טראפּ'-ע-טהי) דאס מיטפיהלען אן אנדערען; סימפּאטיע מיט א פּרעמדען.

al'truism *n.* (על'-טרו-איזם) אלטרו-איזם [מענשענליעבע אהן אייגען-נוצען, אלס געגענזאץ צו עגאאיזם].

al'truist *n.* (על'-טרו-איסט) אלטרואיסט [איינער וואס ליעבט דעם צווייטען אהן אייגען-נוצען, אלס געגענזאץ צו עגא-איסט].

altruis'tic *a.* (על-טרו-איס'-טיק) אל-טרואיסטיש. ז. *altruism*

altruis'tically *a.* (על-טרו-איס'-טיק-על-אי) אויף אן אלטרואיסטישען אופן. ז. *altruism*

al'udel *n.* (על'-יו-דעל) א ראפּיניר-גע-פעס, א לייטערונגס-טאפּ פאר בעמישע צוועקען.

al'um *n. and v.* (על'-אם) אלוין [אזא כעמישער זאלץ]; ווייקען אדער איינטונקען אין אלוין וואסער. ז. *allum*

al'um-bat'tery *n.* (על'-אם-בעט'-ע-רי) א גאלוואנישע [עלעקטרישע] באטאריי וואס אין דער פליסיגקייט איז פאראן אלוין-זאלץ.

al'um-earth *n.* (על'-אם-אוירטה) אלוין-ערד.

alu'men *n.* (על-יו'-מען) אלוין ערד, ליים-ערד.

alu'min *n.* (על-יו'-מין) ז. *alumen*

alu'mina *n.* (ע-ליו'-מי-נע) אלומיניום אקסיד [א כעמישע פערבינדונג פון אלו-מיניום מיט זויערשטאף, געפינט זיך אין ליים ערד].

alu'minate *n. and v.* (ע-ליו'-מי-נייט) דאס אלומינאט [א כעמישע פער-בינדונג מיט אלומיניום]; ווייקען אין אלומיניום; בעהאנדלען מיט אלומיניום.

alumin'ic *a.* (על-יו-מינ'-איק) וואס ענטהאלט אדער וואס איז שייך צו אלו-מיניום.

aluminif'erous *a.* (ע-ליו-מי-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אדער וואס גיט ארויס אלומיניום.

alumin'iform *a.* (על-יו-מינ'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו אלומיניום; וואס איז עהנליך צו אלוין.

alu'minite *n.* (ע-ליו'-מי-נאיט) אלומי-ניט [ריינער ליים].

alumin'ium *n.* (על-יו-מינ'-אי-אם) אלומיניום [א ווייסער לייכטער מעטאל, וועלכער געפינט זיך אין ליים-ערד].

alumin'ium bronze (על-יו-מינ'-אי-אם בראנז) א מעטאל-לעגירונג וואס בע-שטעהט פון 9 טיילען קופּער און 1 טייל אלומיניום.

alumin'ium sil'ver (על-יו-מינ'-אי-אם סיל'-ווער) אלומיניום-זילבער [אלו-מיניום מיט א צומישונג פון א גאנץ קליי-נעם טייל זילבער, אן ערך 3 פּראצענט. דאס אלומיניום בעקומט דאן דעם קאליר און דעם גלאנץ פון עכטען זילבער].

alu'minous *a.* (ע-ליו'-מי-נאס) וואס ענטהאלט אין זיך אלוין.

alu'minum *n.* (ע-ליו'-מי-נאם) ז. *aluminium*

al'umish *a.* (על'-אמ-איש) אלוין-אר-טיג.

alum'na *n.* (ע-לאמ'-נע) א געוועזענע שילערין; א פרוי וואס האט געענדיגט א בילדונגס-אנשטאלט.

alum'nal *a.* (ע-לאמ'-נעל) וואס איז שייך צו א געוועזענעם שילער פון א שוהל, צו אזעלכען וואס האט שוין געענדיגט.

alum'ni *n.* (ע-לאמ'-ני) שילער פון א שוהל, בעזאנדערס וועלכע האבען שוין גע-ענדיגט.

alum'niate *n.* (ע-לאמ'-ני-אייט) די צייט וואס מען האלט זיך נאך אין לער-נען [ווי א מלאכה אדער פּראפעסיאן], די לעהר-צייט.

alum'nus *n.* (ע-לאמ'-נאס) א געוועזע-נער שילער, סטודענט; א געענדיגטער פון א בילדונגס-אנשטאלט.

al'um-rock *n.* (על'-אם-ראק) אזא מי-נעראל פון א גרויען אדער העל-געלבען קא-ליר.

al'um-stone *n.* (על'-אם-סטאון) ז. *alum-rock*

alu'ta *n.* (ע-ליו'-טא) אזא זארט ווייכער לעדער.

aluta'ceous *a.* (על-יו-טיי'-שיאס) לע-דער-פארביג, ברוין-געלב.

al'veary *n.* (על'-ווי-ע-רי) ביענשטאק; דער חלק פון אויער.

al'veated *a.* (על'-ווי-איי-טעד) וואס האט די פארם פון א ביענשטאק.

alve'olar *a.* (על-ווי'-א-לאר) וואס אנ-בעלאנגט צו די גריבעלעך אדער פערטיע-פונגען אין קערפער; וואס אנבעלאנגט צו די גריבעלעך אין באק-ביין, וואו די צייה-נער זיצען.

alveolar'iform *a.* (על-ווי-א-לער'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון די צעלען אין האניג-שטיקער ווי זיי זיינען אין ביענשטאק.

alve'olary *a.* (על-ווי'-א-לע-רי) ז. *alveolar*

alve'olate *a.* (על-ווי'-א-לייט) ווי ביע-נען-צעלען; צעלענפערמיג [די פארם פון קליינע קעמערלעך].

alve'olated *a.* (על-ווי'-א-ליי-טעד) ז. *alveolate*

alveola'tion *n.* (על-ווי-א-ליי'-שאן) דאס זיין געבויט אין צעלען עהנליך צו די וואקס אין א ביענשטאק; דאס האבען צע-לען אדער גריבעלעך.

alveol'iform *a.* (על-ווי-אל'-אי-פארם) האבענדיג די פארם פון צעלען אדער גרי-בעלעך.

alveoloden'tal *a.* (על-ווי-א-לאו-דענ'-טעל) וואס איז שייך צו די צייהנער און צו די גריבעלעך אין וועלכע זיי זיצען.

alve'olus *n.* (על-ווי'-א-לאס) א ביענען-צעלע, א קליין קעמערעל, א גריבעלע; די גריבעלעך אין באק-ביין, וואו די צייה-נער זיצען.

al'veus *n.* (על'-ווי-אס) א קאנאל אדער רעהרעל דורך וועלכען עס פליסט א פלי-סיגקייט [א מעדיצינישער אויסדרוק].

al'vine *a.* (על'-ווין) וואס אנבעלאנגט צום אונטערלייב [צום בויך אדער געדע-רים].

al'way *adv.* (אהל'-הוויי) אימער, שטענ-דיג, אלע מאל.

al'ways *adv.* (אהל'-הוויז) אימער, שטענדיג; כסדר; אלע מאל.

al'ysm *n.* (על'-איזם) די אונרוהיגקייט ביי א קראנקען.

Alys'sum *n.* (ע-ליס'-אם) א מין פלאנ-צען, וועלכע געהערען צו דער פאמיליע פון זענעפט-פלאנצען, האבען ווייסע אדער געלבליכע בליהונג.

A. M. ראשי תבות פון די ווערטער: *ante meridiem* פאר מיטאג-צייט. ווערט בענוצט אלס א בעצייכנונג פאר דער צייט פון 12 ביינאכט ביז 12 מיטאג-צייט. צ. ב. *10 A. M.* [צעהן אין דער פריה].

am (עם) ביז. ז. *be*
I am your friend

am'adou *n.* (עמ'-ע-דו) דער צונדער-שוואם [אזא שוואם וואס ווערט געברויכט צו מאכען פייער].

amain' *adv.* (ע-מיין') העפטיג, שטארק; מיט דער גאנצער קראפט; מיט געוואלט; פלעצליך, שנעל.

amal'gam *n.* (ע-מעל'-געם) אמאלגאם [א צוזאמענשמעלצונג פון קוועקזילבער מיט אן אנדער מעטאל]; מישונג, צונויפ-מישונג.

amal'gamable *a.* (ע-מעל'-גע-מעבל) וואס קען אמאלגאמירט ווערען; וואס קען צונויפגעמישט ווערען.

amal'gamate *v.* (ע-מעל'-גע-מייט) אמאלגאמירען [צונויפמישען קוועקזיל-בער מיט אן אנדער מעטאל]; מישען, צו-נויפמישען, פערבינדען, פעראייניגען.

amalgama'tion *n.* (ע-מעל-גע-מיי'-שאן) די אמאלגאמירונג; צונויפמישונג פון קוועקזילבער מיט אן אנדער מעטאל; די פערמישונג פון ראסען; די פערבינ-דונג.

amal'gamative *a.* (ע-מעל'-גע-מיי-טיוו) וואס האט די נייגונג אדער פעהיג-קייט זיך צו פערמישען; פערמישונגס-פעהיג.

amal'gamator *n.* (ע-מעל'-גע-מיי-טאר) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פער-שמעלצונג אדער פעראייניגונג פון גע-שעפטליכע אונטערנעהמונגען; א מאשין וואס אמאלגאמירט מעטאלען מיט קוועקזילבער.

amanuen'sis *n.* (ע-מענ-יו-ענ'-סיס) איינער וועלכער שרייבט וואס דער אנדע-רער דיקטירט; אן איבערשרייבער; א סעקרעטער ביי א געלעהרטען.

am'aranth *n.* (עמ'-ע-רענטה) די סא-מעט-בלום; א פּורפּור-רויטליכע פארב; א פלאנץ וואס פערוויאנעט קיינמאל ניט.

amaran'thine *a.* (עמ-ע-רענ'-טהין) פּורפּור-רויטליך; אונשטערבליך; וואס אנבעלאנגט צו דער אמאראנט סאמעט-בלום. ז. *amaranth*

amar'ulence *n.* (ע-מער'-יו-לענס) די ביטערקייט.

amaryl'lis *n.* (עמ-ע-ריל'-איס) די נארציס-ליליע [אזא בלום].

Amaryllis

amass' *v.* (ע-מעס') אנקלייבען, צונויפ-זאמלען.
The merchant **amassed** a fortune.

amas'sable *a.* (ע-מעס'-עבל) וואס מען קען צונויפזאמלען אדער אנקלייבען.

amas'ser *n.* (ע-מעס'-ער) איינער וואס זאמעלט אן.

amas'sment *n.* (ע-מעס'-מענט) הויפען, קופּע; אנקלייבונג, אנזאמלונג.

amate' *v.* (ע-מייט') זיך חבר'ען, קאמ-פאנירען; דערשרעקען; אבשרעקען.

am'ateur *n.* (עמ'-ע-טיור) א דילע-

טאנט, ניט קיין פאכמאן, ניט קיין פראפעסיאנעלער; א קונסטליעבהאבער, וואס די קונסט איז ניט זיין פראפעסיע.

amateur'ish *a.* (עמ-ע-טיור'-איש) דילעטאנטיש, ניט פראפעסיאנעל, ניט פאכמעסיג.

am'ateurism *n.* (עמ'-ע-טיור-איזם) דילעטאנטיזם, ניט פאכמעסיגקייט, קונסטליעבעריי.

am'ateurship *n.* (עמ'-ע-טיור-שיפ) דילעטאנטיזם. ז. *amateur*

am'ative *a.* (עמ'-ע-טיוו) ליעבענד [געשלעכטליך].

am'ativeness *n.* (עמ'-ע-טיוו-נעס) די נייגונג צו געשלעכטליכע ליעבע, ליידענשאפט.

amato'rial *a.* (עמ-ע-טאו'-רי-על) וואס בעלאנגט צו געשלעכטליכע ליעבע, ליידענשאפטליך.

amato'rian *a.* (עמ-ע-טאו'-רי-ען) ז. *amatorial*

amato'rious *a.* (עמ-ע-טאו'-רי-אס) ז. *amatorial*

am'atory *a.* (עמ'-ע-טא-רי) וואס ערוועקט געשלעכטליכע ליעבע אדער ליידענשאפט; גענייגט צו ליעבע.

am'atory po'tion (עמ'-ע-טאו-רי פאו'-שאן) א ליעבעס=טרונק.

amauro'sis *n.* (עמ-א-ראו'-סיס) די ליכטיגע שטאר [בלינדקייט, וואס איז ניט צום בעמערקען אויף די אויגען].

amaurot'ic *a.* (עמ-א-ראט'-איק) וואס האט די ליכטיגע שטאר; וואס אנבעלאנגט צו די ליכטיגע שטאר

amaze' *n. and v.* (ע-מייז') דערשרעקען; איבערראשען, ערשטוינען, בעטויבען, צוטומלען; דערשרעקונג, ערשטוינונג, איבערראשונג, פערוואונדערונג.

amazed' *a.* (ע-מייזד') ערשטוינט, איבערראשט, בעטויבט, צוטומעלט.

amazed' at (ע-מייזד' עט) ערשטוינט איבער עפעס.

ama'zedly *adv.* (ע-מיי'-זעד-לי) מיט ערשטוינען; צוטומעלטערהייט.

ama'zedness *n.* (ע-מיי'-זעד-נעס) דאס דערשרעקען, דאס ערשטוינען; פערוואונדערונג; איבערראשונג, צוטומלונג.

amaze'ment *n.* (ע-מייז'-מענט) דאס דערשרעקען, דאס ערשטוינען, איבערראשונג, פערוואונדערונג, צוטומלונג.

He listened with **amazement** at the accusation.

ama'zing *a.* (ע-מיי'-זינג) ערשטוינליך, דערשרעקענד, איבערראשענד, וואונדערבאר.

The stories of Chinese cruelty are **amazing**.

ama'zingly *adv.* (ע-מיי'-זינג-לי) אויף אן איבערראשענדען, ערשטוינענדען אדער וואונדערבארען אופן.

Am'azon *n.* (עמ'-ע-זאן) די אמאזאנע [א קריעגערין אדער יעגערין' אין גריכישער מיטאלאגיע]; א כוואטסקע נקבה; דער אמאזאנען=טייך.

Amazo'nian *a.* (עמ-ע-זאו'-ני-ען) וואס אנבעלאנגט צו דעם אמאזאנען=טייך; אמאזאנענהאפט, קריעגעריש.

Amazo'nian chin (עמ-ע-זאו'-ני-ען טשין) א מארדע אהן א בארד.

am'bage *n.* (עמ'-ביידזש) אן אומוועג, א ניט גלייכער וועג; דאס דרעהען זיך, דאס זיין ניט קלאר [אין ריידען].

ambas'sador *n.* (עמ-בעס'-ע-דאר) געזאנדטער [געשיקטער פון א רעגיערונג זי צו פערטרעטען ביי אן אנדער רעגיערונג].

ambassado'rial *a.* (עמ-בעס-ע-דאו'-רי-על) געזאנדשאפטליך, וואס איז שייך צו א געזאנדטען. ז. *ambassador*

ambas'sadress *n.* (עמ-בעס'-ע-דרעס) א געזאנדטערע; די פרוי פון א געזאנדטען. ז. *ambassador*

am'ber *n. and a.* (עמ'-בער) בערנשטיין [בורשטין]; בערנשטיין=ארטיג; בערנשטיין קאליר, גאלד=געלב; געמאכט פון בערנשטיין.

am'ber-beads *n.* (עמ'-בער-ביעדז) בורשטינענע קארעלען.

am'ber-col'ored *a.* (עמ'-בער=קאל'-ארד) בורשטין=קאליר; העל=בלאנד, גאלד=געלב.

am'bergris *n.* (עמ'-בער-גרים) דער אמבער [אזא שמעקעדיגער וואקס וואס געפינט זיך אין די געדערעם פון א געוויסען וואלפיש אין דעם אינדישען אקעאן. דיעזער וואקס ווערט בענוצט צו מאכען פארפיום].

am'ber-seed *n.* (עמ'-בער-סיעד) ביזאםקערנער [אזא שמעקעדיגער קערענדעל].

am'ber-tree *n.* (עמ'-בער=טריע) אמבראבוימעל [אזא קליין בוימעל וואס וואקסט אין דרום אפריקא וועלכער האט אימערגרינע בלעטער און א שטארק שמעקעדיגען ריח].

am'ber-var'nish *n.* (עמ'-בער=וואר'-ניש) בורשטין=לאק [אזא לאק געמאכט פון א געוויסען בוימער פעך].

ambidex'ter *n.* (עמ-בי-דעקס'-טער) איינער וואס קען ארבייטען מיט דער לינקער האנד אזוי גוט ווי מיט דער רעכטער; צוויי=פנים'דיגער; איינער וואס דרעהט זיך אויף אלע זייטען; א געריכטסגעשווארענער וואס נעהמט געלד פון ביידע צדדים.

ambidexter'ity *n.* (עמ-בי-דעקס-טויר'-אי-טי) דאס קענען בענוצען די רעכטע און די לינקע האנד מיט דערזעלבער געשיקטקייט; צוויי=פנים'דיגקייט; דאס נעהמען געלד פון ביידע צדדים [ווענען א געריכטס=געשווארענעם].

ambidex'trous *a.* (עמ-בי-דעקס'-טראס) וואס קען ארבייטען מיט דער לינקער האנד אזוי גוט ווי מיט דער רעכטער; צווייפנים'דיג; נעהמענדיג געלד פון ביידע צדדים [ווענען א געריכטס=געשווארענעם].

ambidex'trously *adv.* (עמ-בי-דעקס'-טראס-לי) מיט ביידע הענד, מיט דער לינקער האנד גלייך ווי מיט דער רעכטער; צוויי=פנים'דיג; דיענענדיג ביידע צדדים, נעהמענדיג געלד ביי ביידע צדדים [ווענען א געריכטס=געשווארענעם].

ambidex'trousness *n.* (עמ-בי-דעקס'-טראס-נעס) ז. *ambidexterity*

am'bient *n. and a.* (עמ'-בי-ענט) דרעהען זיך אין דער רונד; ארומרינגלענדיג פון אלע זייטען; עטוואס וואס דרעהט זיך, וואס רינגעלט ארום.

ambigu'ity *n.* (עמ-בי-גיו'-אי-טי) דאפעלזין; צווייידייטיגקייט, צווייפעלהאפטיגקייט; אונגעוויסהייט; אונבעשטימטהייט; ספק.

ambig'uous *a.* (עמ-ביג'-יו-אס) צווייידייטיג, דאפעלזיניג; צווייפעלהאפט; אונזיכער, אונבעשטימט.

ambig'uously *adv.* (עמ-ביג'-יו-אס-לי) אויף א צווייידייטיגען, אונבעשטימטען אופן.

ambig'uousness *n.* (עמ-ביג'-יו-אס-נעס) ז. *ambiguity*

am'bit *n.* (עמ'-ביט) גרענעץ; אומפאנג, אומקרייז.

ambi'tion *n.* (עמ-ביש'-אן) אמביציאן; שטרעבען; דאס יאגען זיך נאך עפעס.

The **ambition** to get an education can easily be realized in America.

ambi'tionless *a.* (עמ-ביש'-אן-לעס) אהן אמביציאן. ז. *ambition*

ambi'tious *a.* (עמ-ביש'-אס) שטרעבזאם צו דערהויבען זיך אויף א הויכע שטופע; בעגיריג; אמביציעז.

ambi'tiousness *n.* (עמ-ביש'-אס-נעס) דאס בעזיצען אמביציאן. ז. *ambition*

ambi'tious of (עמ-ביש'-אס אוו) שטרעבען נאך...

am'bitus *n.* (עמ'-בי-טאס) די אונגערעכטע בעווערבונג פון אן אמט אין אלטען רוים; אומפאנג, אומקרייז, ראנד.

am'ble *n. and v.* (עמ'בל) א גלאטעס לאנגזאמעס לויפען פון א פערד, א זאנפטער גאנג, ניט שפרינגענדיג; זאנפט, ניט שפרינגענדיג לויפען.

am'ble one (עמבל וואן) אימעצענס גאנג נאכמאכען.

am'bler *n.* (עמ'-בלער) א פערד, וואס לויפט גלאט, זאנפט, ניט שפרינגענדיג; איינער, וואס האט א גלאטען גאנג.

am'bling *a.* (עמ'-בלינג) גלאט לויפענדיג, זאנפט לויפענדיג אהן צו שפרינגען.

am'blingly *adv.* (עמ'-בלינג-לי) מיט א לייכטען זאנפטען גאנג.

am'bling nag (עמ'-בלינג נעג) א פערד, וואס לויפט גלאט, וואס לויפט זאנפט, ניט שפרינגענדיג.

am'blygon *n. and a.* (עמ'-בלי-גאן) א שטומפפווינקעלדיגער דרייעק [א געאמעטרישע דרייעקיגע פיגור, ביי וועלכער איינער פון די דריי ווינקעל איז גרעסער פון 90 גראד]; שטומפפווינקעלדיג.

amblyg'onal *a.* (עמ-בליג'-א-נעל) שטומפפווינקעלדיג. ז. *amblygon*

amblyo'pia *n.* (עמ-בלי-או'-פי-א) א שוואכע ראיה; האלבע בלינדקייט [אהן מערקבארע ענדערונגען אין דעם געבוי פון די אויגען].

amblyop'ic *a.* (עמ-בלי-אפ'-איק) וואס אנבעלאנגט צו א שוואכע ראיה; האלב בלינד.

am'blyopy *n.* (עמ'-בלי-א-פי) ז. *amblyopia*

am'bo *n.* (עמ'-בא) אן עמוד, וועלכער פלעגט געברויכט ווערען אין פארצייטיגע קירכען, ביי וועלכען דער גלח פלעגט האלטען זיינע דרשות.

am'bon *n.* (עמ'-באן) ז. *ambo*

ambro'sia *n.* (עמ-בראו'-זשיא) אמבראזיע; געטער=שפייז [אין דער גריכישער מיטאלאגיע], געשמאקע שפייז, עפעס געשמאקעס.

ambro'sial *a.* (עמ-בראו'-זשיעל) שמעקענד, אמבראזיש; זעהר געשמאק.

ambro'sian *a.* (עמ-בראו'-זשיען) ז. *ambrosial*

am'bry *n.* (עמ'-ברי) א שפייז=אלמער, א שפייז=קאמער, אן אבלעג=קאמער; אן ארימען=הויז, הקדש.

am'bulance *n.* (עמ'-ביו-לענס) אמבולאנץ; א האספיטאל=וואגען; א קראנקענוואגען.

am'bulant *a.* (עמ'-ביו-לענט) ארומשפאצירענדיג, ארומגעהענדיג פון ארט צו ארט.

am'bulate *v.* (עמ'-ביו-לייט) ארומשפאצירען, ארומגעהן פון ארט צו ארט.

ambula'tion *n.* (עמ-ביו-ליי'-שאן) דאס

ארומעהען פון איין ארט צום אנדערען, דאס ארומשפאציערען.

am'bulator *n.* (עמ'-ביו-ליי-טאר) א שפאציערגעהער, אן ארומגעהער

am'bulatory *a.* (עמ'-ביו-ליי-טא-רי) ארומשפאציערענדיג, ארומגעהענדיג, ארומ-וואנדלענדיג, האבענדיג די טבע ארומצו-וואנדלען.

ambur'bial *a.* (עמ-בויר'-בי-על) ארומ-געהענדיג ארום א שטאדט; ארומקרייזענ-דיג א שטאדט.

am'bury *n.* (עמ'-בע-רי) אזעלכע ברא-דאוועקס ביי בהמות; א געוויסע קראנק-הייט ביי פלאנצען, וועלכע פערדארבט זיי-ערע ווארצלען.

ambuscade' *n. and v.* (עמ-באס-קייד') א בעהעלטעניס [הינטער א קוסטארניק]; זיך בעהאלטען, אום צו קענען אנפאלען אויף אימעצען; בעפאלען אימעצען פון א בעהעלטעניס.

am'bush *n. and v.* (עמ'-באש) א לויע-רונגס-ארט; דאס ליעגען אין א לויערונגס-ארט; דער אנפאל אויף אימעצען פון א לויערונגס-ארט; אן אבטיילונג סאלדאטען, וואס ליעגט אין א לויערונגס-ארט; אנ-פאלען אויף אימעצען פון א לויערונגס-ארט; זיך בעהאלטען אין אן ארט צום לויערען.

They lay in **ambush** for the enemy.

am'bushed *a.* (עמ'-באשט) פערשטעקט אין א בעהאלטענעם ארט, אין א לויע-רונגס-ארט.

ame'ba *n.* (ע-מי'-בע) אמעבא. ז. ***amœba***

ame'boid *n. and a.* (ע-מי'-באיד) אן אמעבא; וואס איז ענליך צו אן אמעבא. ז. ***amœba***

ameer' *n.* (ע-מיער') עמיר [א מאחמא-דאנישער הערשער אדער פרינץ]; דער הערשער פון אפגאניסטאן.

am'el-corn *n.* (עמ'-על-קארן) אזא מין זומער ווייץ.

ame'liorable *a.* (ע-מי'-ליא-רייבל) וואס קען פערבעסערט ווערען.

ame'liorate *v.* (ע-מי'-ליא-רייט) פער-בעסערען; אויסבעסערען; ווערען בעסער.

The problem of our times is to **ameliorate** the condition of the poor.

ameliora'tion *n.* (ע-מי-ליא-ריי'-שאן) פערבעסערונג, אויסבעסערונג.

ame'liorative *a.* (ע-מי'-ליא-ריי-טיוו) וואס פערבעסערט, וואס פעראורזאכט א פערבעסערונג.

An **ameliorative** medicine.

ame'liorator *n.* (ע-מי'-ליא-ריי-טאר) א פערבעסערער.

a'men *n., adv., int. and v.* (איי'-מען) ריכטיג, וואהר, אמן; דער וואהרער מאן; דאס לעצטע ווארט, דער סוף; ערקלערען פאר ריכטיג; געבען דאס לעצטע ווארט, ענדיגען.

amenabil'ity *n.* (ע-מי-נע-ביל'-אי-טי) פעראנטווארטליכקייט, אונטערווארפענ-הייט, אבהענגיגקייט; צוגענגליכקייט.

ame'nable *a.* (ע-מי'-נעבל) פעראנט-ווארטליך, אונטערווארפען, אבהענגיג; צו-גענגליך.

ame'nableness *n.* (ע-מי'-נעבל-נעס) ז. ***amenability***

ame'nable to a charge (ע-מי'-נעבל טו ע טשארדזש) שטעהן אונטער א קלא-גע; טראגען די פעראנטווארטליכקייט פאר א בעשולדיגונג.

amend' *v.* (ע-מענד') אויסבעסערען; פערבעסערען; בעסער ווערען.

amend'able *a.* (ע-מענד'-עבל) פער-בעסערליך; וואס קען פערבעסערט ווערען.

amend'ableness *n.* (ע-מענד'-עבל-נעס) דאס האבען די מעגליכקייט פערבעסערט צו ווערען.

amende' *n.* (ע-מענד') א פערגיטיגונג; א געלדשטראף.

amende' hon'orable (ע-מענד' אנ'-א-רעבל) אן עפענטליכע איבערבעטונג.

amen'der *n.* (ע-מענ'-דער) פערבעסע-רער.

amend'ment *n.* (ע-מענד'-מענט) פערבעסערונג; ענדערונג.

An **amendment** to the Constitution of the United States will soon be adopted.

amends' *n.* (ע-מענדז') פערגיטיגונג פאר שאדען.

a'men I say (איי'-מען אי סיי) איך בין מסכים, איך בין צופריעדען; איך זאג אמן.

amen'ity *n.* (ע-מענ'-אי-טי) אנגענעה-מיגקייט, ליעבליכקייט.

am'ent *n.* (עמ'-ענט) קאצענבלום [אזא מין בלום].

Aments

amenta'ceous *a.* (עמ-ענ-טיי'-שיאס) וואס זעהט אויס ווי א קאצענבלום; וואס לאזט וואקסען קאצענבלומען.

amen'tia *n.* (ע-מענ'-שיא) גייסטעס-שוואכקייט; אידיאטסטווע

amen'tum *n.* (ע-מענ'-טאם) די קאצענ-בלום; א שליידער רימען פון א שטיינ-ווארפער.

amerce' *v.* (ע-מורס') בעשטראפען מיט געלד, קנס'ענען.

amer'ceable *a.* (ע-מויר'-סעבל) וואס דארף געקנס'ענט ווערען, שטראפבאר.

amerce'ment *n.* (ע-מורס'-מענט) געלד-שטראף, קנס.

amer'cer *n.* (ע-מויר'-סער) א בעשטרא-פער, איינער וואס קנס'עט.

Amer'ican *n. and a.* (ע-מער'-אי-קען) א בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען; אן אמעריקאנער; אמעריקאניש; וואס איז שייך צו אמעריקא.

Amer'ican gol'den plov'er (ע-מער'-אי-קען גאול'דן פלאוו'-ער) אזא אמעריקאנער וואלד-פויגעל [האט לאנגע פליגלען, א קורצען עק, גאלד-פארביגע פעדערען און לענגליכע פיס]. ז. איל. ***"Game Birds"***

Amer'icanism *n.* (ע-מער'-אי-קען-איזם) אמעריקאניזם [א ווארט, פראזע, אדער מנהג, וואס איז כאראקטעריסטיש אמעריקאניש]; אמעריקאנער פאטריא-טיזם אדער בירגערשאפט.

Americaniza'tion *n.* (ע-מער-אי-קענ-אי-זיי'-שאן) אמעריקאניזירונג.

Amer'icanize *v.* (ע-מער'-אי-קענ-איז) אמעריקאניזירען.

Ametab'ola *n.* (עמ-ע-טעב'-א-לע) די אינזעקטען, וואס ענדערען ניט זייער גע-שטאלט, וואס געהען ניט דורך די געוועהנ-ליכע ענטוויקלונגס-שטופען פון אינזעקטען.

ametabo'lian *n. and a.* (עמ-עט-ע-באו'-לי-ען) אן אינזעקט, וואס ענדערט ניט זיין געשטאלט; וואס איז שייך צו אזעלכע אינזעקטען.

am'ethyst *n.* (עמ'-אי-טהיסט) אזא קווארץ-שטיין פון וויאלעט-בלויען פארב [ז. איל. ***"Gems"***]; א מין פלאנצע, וועלכע פערטרייבט שכרות.

amethys'tine *a.* (עמ-אי-טהיס'-טין) וואס קוקט אויס אזוי ווי דער אמעטהיסט שטיין; וואס האט א העלען וויאלעט קא-ליר.

amiabil'ity *n.* (איי-מי-ע-ביל'-אי-טי) ליעבענסווירדיגקייט, פריינדליכקייט, גוט-מוטיגקייט.

a'miable *a.* (איי'-מי-עבל) ליעבענס-ווירדיג, פריינדליך, גוטמוטיג.

Sensible people settle their differences in an **amiable** spirit.

a'miableness *n.* (איי'-מי-עבל-נעס) ליעבענסווירדיגקייט, גוטמוטיגקייט.

a'miably *adv.* (איי'-מי-עב-לי) אויף א ליעבענסווירדיגען אדער גוטמוטיגען אופן.

am'ianth *n.* (עמ'-אי-ענטה) אסבעסט [א מין שטיין, וואס שפאלט זיך אין פע-דים, ווערט בענוצט צו מאכען אזא גע-וואנד, וואס ברענט ניט]; געוואנד גע-מאכט פון אסבעסט.

amian'thiform *a.* (עמ-אי-ענ'-טהי-פארם) אסבעסטארטיג, וואס האט די פארם פון אסבעסט. ז. ***amianth***

amian'thoid *a.* (עמ-אי-ענ'-טהאיד) אסבעסטארטיג; הארפערמיג.

am'ianthus *n.* (עמ'-אי-ען-טהאס) ז. ***amianth***

amian'tiform *a.* (עמ-אי-ענ'-טי-פארם) ז. ***amianthiform***

amian'toid *a.* (עמ-אי-ענ'-טאיד) ז. ***amianthoid***

am'iantus *n.* (עמ'-אי-ען-טאס) ז. ***amianth***

amicabil'ity *n.* (עמ-אי-קע-ביל'-אי-טי) פריינדליכקייט.

am'icable *a.* (עמ'-איק-עבל) פריינד-ליך, גוט.

am'icableness *n.* (עמ'-איק-עבל-נעס) ז. ***amicability***

am'icably *adv.* (עמ'-אי-קעב-לי) אויף א פריינדליכען אופן.

The dispute was **amicably** adjusted.

am'ical *a.* (עמ'-אי-קעל) פריינדשאפטליך.

am'ice *n.* (עמ'-איס) אזא ווייסער שפיי-צען-קאלנער, וואס עס טראגט א קאטוילי-שער גלח; אזא הויב, וואס קאטוילישע מאנאכען טראגען.

amicro'bic *a.* (עמ-אי-קראו'-ביק) וואס איז ניט פעראורזאכט פון מיקראבען [ווע-גען א קראנקהייט, וואס איז ניט פעראור-זאכט פון מיקראבען].

amid' *prep.* (ע-מיד') אין מיטען, צווי-שען, אונטער.

amid'ships *adv.* (ע-מיד'-שיפס) אין דעם מיטעלפונקט פון א שיף.

amidst' *prep.* (ע-מידסט') ז. ***amid***

amir' *n.* (ע-מיר') דער עמיר. ז. ***ameer***

amiss' *n., adv. and a.* (ע-מיס') ניט אזוי; ניט צו דער זאך; אונרעכט, פעהלערהאפט, פערקעהרט, שלעכט; אן אונרעכט, אן איבעל; פאלש, ניט אין דער ארדנונג.

amis'sing *a.* (ע-מיס'-אינג) ניט זייענ-דיג אנוועזענד, פעהלענדיג.

am'ity *n.* (עמ'-אי-טי) פריינדשאפט, גוטע בעציהונגען.

am'ma *n.* (עמ'-ע) אן אויפזעהערין פון

א מאנאשקעס קלויסטער [אין גריכישע און סירישע קירכען]; א ברוקגארטעל.

am'man *n.* (עמ'-ען) דער אמאן [א קאנטאן־ריכטער אין דער שווייץ].

am'meter *n.* (עמ'-ע-טער) אן אפּער־מעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם].

am'mite *n.* (עמ'-איט) דער קארנשטיין [אזא רונדער שטיין].

Am'mon *n.* (עמ'-אן) דער עגיפּטישער גאט אמון.

ammo'nia *n.* (ע-מאו'-ני-ע) אמאניאק [אזא גאז], נאשאטיר; שטינק־ספּירטוס [יום־כפור טראפּענס].

ammo'niac *n. and a.* (ע-מאו'-ני-עק) וואס אנבעלאנגט צו אמאניאק; אמא־ניאק־גומי [אזא זאפט פון א בוים, וואס וואקסט אין פערסיען און ועסט אינדיען].

ammoni'acal *a.* (ע-מא-נאי'-ע-קעל) וואס ענטהאלט אדער איז ענליך צו אמא־ניאק. ז. *ammonia*.

ammo'nia-me'ter *n.* (ע-מאו'-ני-ע-מי'-טער) אן אפּאראט צום מעסטען דעם אמאניאק־איינהאלט אין א כעמישע לעזונג.

ammo'niate *n.* (ע-מאו'-ני-אייט) אמא־ניאק פערבונדען מיט מעטאל־אקסיד; אן ארגאנישער שטאף וואס איז רייך אין שטיק־שטאף און וועלכער קען בענוצט ווע־רען צום פאבריצירען אמאניאק.

ammo'niated *a.* (ע-מאו'-ני-איי-טעד) פערבונדען מיט אמאניאק.

ammon'ic *a.* (ע-מאנ'-איק) וואס איז שייך אדער וואס קומט פון אמאניאק.

ammonifica'tion *n.* (ע-מאנ-אי-פי-קיי'-שאן) דאס אנזעטיגען אדער דורכווייקען מיט אמאניאק.

am'monite *n.* (עמ'-אנ-איט) דער אמאנסהארן [א מין געשלענגעלטע, גע־דרעהטע מושעל].


Ammonites

ammo'nium *n.* (ע-מאו'-ני-אם) אמא־ניום [אזא כעמישער שטאף].

ammuni'tion *n.* (עמ-יו-ניש'-אן) אמו־ניציאן; קריעגס פּאראטע, קריעגס־מא־טעריאל [ווי געוועהר א. ז. וו.]

amnemon'ic *a.* (עמ-ני-מאנ'-איק) וואס קומט דורך פערלירען דעם זכרון.

amne'sia *n.* (עמ-ני'-סי-ע) פערלוסט פון דעם זכרון.

amne'sic *a.* (עמ-ני'-סיק) וואס איז שייך צום פערלירען דעם זכרון

amnes'tic *a.* (עמ-נעס'-טיק) וואס פער־ארזאכט דאס פערלירען דעם זכרון.

am'nesty *n.* (עמ'-נעס-טי) אמנעסטיע; בעגנאדיגונג, שענקונג.

am'nion *n.* (עמ'-ני-אן) דאס שאפהויט־טעל, שליה, וואסערבלאז [דאס הייטעל פון דער עמבריא, קיים, זרע]; דאס היי־טעל וואס בעדעקט דאס הינדעלע אין דעם איי.

amnion'ic *a.* (עמ-ני-אנ'-איק) וואס איז שייך צו דעם שאפהייטעל.

am'nios *n.* (עמ'-ני-אס) ז. *amnion*

amniot'ic *a.* (עמ-ני-אט'-איק) וואס בע־לאנגט צו דעם שאפהייטעל. ז. *amnion*

amniot'ic flu'id (עמ-ני-אט'-איק פלו'-איד) דאס שאפוואסער [די פליסיגקייט וואס געפינט זיך אין דעם שאפהייטעל]. ז. *amnion*

amœ'ba *n.* (ע-מי'-בא) אמעבא [אזא מיקראסקאפּישע בעשעפעניש, וואס האט אן איינפאכען פּראטאפּלאזמישען קער־פּער]; אן איינצעלנע צעלע פון קערפּער.


Amœbæ

amœ'ba-move'ment *n.* (ע-מי'-בע-מוהוו'-מענט) די בעוועגונג פון דער פּראַ־טאפּלאזמא [ווען מען בעטראכט א שטי־קעל נאקעטע פּראטאפּלאזמא, זעהט מען אז זי האלט זיך אין איין צוזאמענציהען און פונאנדערציהען].

amœbe'an *a.* (ע-מי-בי'-ען) אבוועקסע־לענדיג, בייטענדיג; וואס בעלאנגט צו דער אמעבא. ז. *amœba*

amœbe'an song (ע-מי-בי'-ען סאנג) דער וועקסעלגעזאנג [אזא ליעד וואס ווערט געזונגען פון צוויי אדער מעהרערע פּערזאנען אין דער פארם פון פראגע און אנטווארט, א פערז איבער א פערז (א פסוק איבער א פסוק)].

Amo'mum *n.* (ע-מאו'-מאם) די אינג־בער־פלאנצען [א מין שמעקעדיגע פלאנ־צען].

Amomum

among' *adv. and prep.* (ע-מאנג') צווי־שען, אונטער.

among' oth'er things (ע-מאנג' אטה'-ער טהינגז) אונטער אנדערעס.
Among other things he told me this also.

amongst' *prep.* (ע-מאנגסט') ז. *among*

among' the rest (ע-מאנג' טהי רעסט) אונטער אנדערעס, צווישען די איבריגע.

amontilla'do *n.* (ע-מאנ-טיל-יע'-דאו) אזא מין העלער, זיסער אבגעלאגערטער וויין.

A'mor *n.* (איי'-מאר) אמאר, דער גאט פון ליעבע [אין מיטאלאגיע].

amore'an *n.* (עמ-א-רי'-ען) אן אמורא [איינער פון די בעלי התלמוד וואס קו־מען נאך די תנאים].

amoret'to *n.* (עמ-א-רעט'-טא) א פער־ליעבטער; א קליינער אמור [דער גאט פון ליעבע].

amori'no *n.* (עמ-א-רי'-נא) א קליינער אמור [דער גאט פון ליעבע].

am'orist *n.* (עמ'-א-ריסט) א דאמען־ליעבער, א דאמען־פריינד.

amoro'sa *n.* (עמ-א-ראו'-סא) אן אויס־געלאסענע פרוי, א זונה.

amoro'so *n. and a.* (עמ-א-ראו'-סא) צערטליך, ליעבליך [אין דער מוזיק]; א דאמען־פריינד.

am'orous *a.* (עמ'-אר-אס) צערטליך; פערליעבט.

am'orously *adv.* (עמ'-אר-אס-לי) מיט צערטליכקייט, מיט ליעבע; אויף א צערטליכען אופן.

am'orousness *n.* (עמ'-אר-אס-נעס) צערטליכקייט; פערליעבטהייט.

amor'phic *a.* (ע-מאר'-פיק) פארמלאז; ניט קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phism *n.* (ע-מאר'-פיזם) פארם־לאזיגקייט [אהן א פארמע]; שטאפען, וואס האבען ניט קיין קריסטאל פארם.

amor'phous *a.* (ע-מאר'-פאס) פארמ־לאז; ניט קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phously *adv.* (ע-מאר'-פאס-לי) אהן א פארמע; ניט קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phousness *n.* (ע-מאר'-פאס-נעס) ז. *amorphism*

amort' *a.* (ע-מארט') לעבענסלאז, בע־וואוסטלאז; נידערגעשלאגען.

amortiza'tion *n.* (ע-מאר-טי-זיי'-שאן) דאס איבערגעבען גרונדאייגענטום צו די וועלכע קענען דאס קיינמאל ניט פערקוי־פען [ווי צו א קירכע]; די פערטילי־גונג פון א שולד [ספּעציעל ביי אבצאה־לען איהם ביסלעכווייז פון א געוויסען פאנד]; די אבנוצונג פון מאשינען אדער געביידען ביז עס דארף אויף זייער ארט געשטעלט ווערען נייע.

amor'tize *v.* (ע-מאר'-טאיז) פערקויפען אדער איבערטראגען לאנד אדער אנדערע אונבעוועגליכע גיטער צו א קערפּערשאפט, וועלכע קען עס מעהר ניט פערקויפען אדער איבערגעבען צו אן אנדערען; אבצאהלען א חוב אין ראטען.

amor'tizement *n.* (ע-מאר'-טיז-מענט) אזא בעפּוצונג פון די אויבערשטע טיי־לען פון א געביידע. ז. *amortization*

amount' *n. and v.* (ע-מאונט') סומע, סך־הכל, בעטרעף; בעטרעפען; אויסמא־כען; דערגרייכען, דערהויבען זיך.

amount' of bal'ance (ע-מאונט' אוו בעל'-ענס) פערבליבענער בעטראג.

amour' *n.* (ע-מוהר') א ליעבע; א ליע־בעס־אינטריגע.

am'pac *n.* (עמ'-פּעק) אזא בוים אין אסט־אינדיען וועלכער גיט ארויס א זאפט פון זעהר א גוטען ריח.

ampelog'raphy *n.* (עמ-פע-לאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון וויין.

ampelop'sis *n.* (עמ-פע-לאפּ'-סיס) אזא קלעטער־פלאנצע.

amper'age *n.* (עמ-פּעהר'-איידזש) די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם געמאסטען אין אמפּער־איינהייטען.

ampere' *n.* (עמ-פּעהר') אמפּער [אן איינ־הייט מיט וועלכע עס ווערט געמאסטען די שטארקייט פון עלעקטרישען שטראם. א בעצייכנונג אנגענומען צום אנדענקען פון דעם בעריהמטען פיזיקער אמפּער].

ampere'-hour *n.* (עמ-פּעהר'-אור) אן אמפּער־שטונדע [אן עלעקטרישע איינהייט דורך וועלכער עס ווערט געמאסטען ווי־פיעל עלעקטריציטעט א שטראם פון דער שטארקייט פון איין אמפּער האט געלי־פערט אין דער צייט פון א שטונדע].

ampere'-me'ter *n.* (עם-פעהר'-מי'-טער) אן אמפערמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעק־טרישען שטראם].

Ampe'rian *a.* (עם-פי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם פיזיקער אמפער אדער צו זיינע טהעאריעס.

amperom'eter *n.* (עם-פע-ראמ'-ע-טער) ז. *ampere-meter*

am'persand *n.* (עמ'-פער-סענד) דאס צייכען & [ווערט בענוצט אנשטאט „און"].

ampere'-turns *n.* (עם-פעהר'-טוירנז) די מאס פון דער מאגנעטישער קראפט פון אן עלעקטרישען שטראם וואס פליסט אין א דראט־שפולע. די קראפט איז גלייך צו דער צאהל דראט־וויקלונגען פון דער שפו־לע געדאפעלט מיט דער שטארקייט פון שטראם, וועלכער ווערט געמאסטען אין אמפער.

amphib'ia *n.* (עם-פיב'-אי-ע) אמפי־ביען, חיות וואס לעבען אויף דער יבשה, אי אין וואסער [ווי א פראש, א טשערע־פאכע, קראקאדיל א. ז. וו.].

amphib'ial *a.* (עם-פיב'-אי-על) וואס איז שייך צו אמפיביען.

amphib'ian *n. nd a.* (עם-פיב'-אי-ען) א חיה וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה; וואס איז שייך צו א חיה, וואס לעבט אויף דער יבשה און אין וואסער.

amphibiolog'ical *a.* (עם-פיב-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען די בעשעפענישען וואס לע־בען אי אין וואסער אי אויף דער יבשה.

amphibiol'ogy *n.* (עם-פיב-אי-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די בעשעפענישען וואס לעבען אי אין וואסער אי אויף דער יבשה.

amphib'ious *a.* (עם-פיב'-אי-אס) וואס לעבט אויף דער יבשה און אין וואסער.

amphib'iously *adv.* (עם-פיב'-אי-אס-לי) אזוי ווי א חיה וואס לעבט אין וואס־סער און אויף דער יבשה.

amphib'iousness *n.* (עם-פיב'-אי-אס-נעס) דאס לעבען אין וואסער און אויף דער יבשה.

am'phibole *n.* (עמ'-פי-באול) אמפיבאל [אזא פיעל פארבינער מינעראל, וואס איז צוזאמענגעזעצט פון קאלציום, מאגנעזיום און סיליציום].

amphibol'ic *a.* (עם-פי-באל'-איק) צוויידייטיג, צווייפעלהאפט; וואס איז שייך צו דעם מינעראל אמפיבאל.

amphibol'ical *a.* (עם-פי-באל'-איק-על) ז. *amphibolic*

amphibolog'ical *a.* (עם-פיב-א-לאדזש'-אי-קעל) צוויידייטיג, דאפעלמיי־ניג.

amphibolog'ically *adv.* (עם-פיב-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) מיט א צווייפעלהאפ־טער בעדייטונג.

amphibol'ogy *n.* (עם-פיב-אל'-א-דזשי) דאפעלמיין; דאס געברויכען ווערטער, וואס האבען א צוויידייטיגען מיין.

amphib'oly *n.* (עם-פיב'-א-לי) דאס געברויכען ווערטער וואס האבען א צווייַ־דייטיגען מיין.

amphicar'pic *a.* (עם-פי-קאר'-פיק) ז. *amphicarpous*

amphicar'pous *a.* (עם-פי-קאר'-פאס) וואס גיט ארויס [ווי א בוים] צוויי זאר־טען פרוכט.

amphicar'pous tree (עם-פי-קאר'-פאס טריע) א בוים אויף וועלכען עס וואקסען צוויי זארטען פרוכט.

amphichi'ral *a.* (עם-פי-קאי'-רעל) אהן אן אונטערשיעד צווישען רעכטס און לינקס; וואס קען געברויכט ווערען רעכטס און לינקס.

amphic'tyon *n.* (עם-פיק'-טי-אן) אין אלטען גריכענלאנד, א דעלעגאט צו אן אלגעמיינע גריכישע פערזאמלונג; א בע־ראטונגס־פערזאמלונג אין אלטען גריכענ־לאנד.

amphictyon'ic *a.* (עם-פיק-טי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו אן אלט־גריכישער אל־געמיינער פערזאמלונג.

amphic'tyony *n.* (עם-פיק'-טי-א-ני) א פעראיין אדער ליגע פון די אלטע גרי־כען פון פערשיעדענע שטעדט מיט דער פערפליכטונג אויסצומיידען מלחמה מיט איינאנדער.

amphicyr'tous *a.* (עם-פי-סויר'-טאס) אויסגעקרימט פון ביידע זייטען.

amphidro'mia *n.* (עם-פי-דראו'-מי-א) א קינדס געבורטס־פעסט אין אלטען אטהען [אין גריכענלאנד].

amphige'an *a.* (עם-פי-דזשי'-ען) וואס געפינט זיך ארום דעם ערד קוגעל אין דערזעלבער ווייטקייט פון עקוואטאר.

amphigor'ic *a.* (עם-פי-גאר'-איק) אונזיניג; וואס איז אן אבסורד.

am'phigory *n.* (עמ'-פי-גא-רי) אן אונזין, אן אבסורד.

am'phipod *n.* (עמ'-פי-פאד) אן אמ־פיפאד. ז. *Amphipoda*

Amphip'oda *n.* (עם-פיפ'-א-דע) אמ־פיפאדען [א מין חיה'לעך פון דער קרעבס פאמיליע, וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלאכץ און האבען פיס וואס א טייל פון זיי זיינען געדיכטעט פארווערטס און א טייל ריקווערטס].

Amphipoda

amphip'odal *a.* (עם-פיפ'-א-דעל) ז. *amphipodous*

amphip'odan *n.* (עם-פיפ'-א-דען) ז. *Amphipoda*

amphip'odous *a.* (עם-פיפ'-א-דאס) וואס האט פיס אין ביידע ריכטונגען [פארווערטס און ריקווערטס]; וואס איז שייך צו די אמפיפאדען. ז. *Amphipoda*

amphipro'style *a.* (עם-פי-פראו'-סטאיל) וואס האט זיילען פון פארענט און פון הינטען [וועגען געביידען].

amphisbæ'na *n.* (עם-פיס-בי'-נא) די רינגעלשלאנג; אין פאבעל געשיכטען, א שלאנג מיט א קאפ אויף ביידע עקען פון קערפער.

amphisbæ'nic *a.* (עם-פיס-בי'-ניק) וואס קען זיך בעוועגען פארווערטס און ריקווערטס מיט דער זעלבער לייכטיגקייט; עהנליך צו דער פאבעלהאפטער שלאנג מיט די צוויי קעפ פון ביידע ענדען.

amphisbæ'nous *a.* (עם-פיס-בי'-נאס) ז. *amphisbænic*

amphis'cian *n.* (עם-פיש'-אי-ען) איי־נער פון די איינוואהנער פון די געגענדען ארום עקוואטאר.

amphis'cii *n.* (עם-פיש'-אי-אי) ז. *amphiscian*

amphithe'atral *a.* (עם-פי-טהי'-ע-טרעל) ווי אן אמפיטעאטער.

amphithe'atre *n.* (עם-פי-טהי'-ע-טער) דאס אמפיטעאטער [די פאלקס־גע־ביידע אין אלטען רוים, רונד געבויט, וואו עס פלעגען געגעבען ווערען פארשטעלונגען פון קעמפפע צווישען מענשען מיט ווילדע חיות, ווי אויך אנדערע פאלקס־אונטער־האלטונגען]; א געביידע וואס איז גע־בויט אין דער פארם פון רוימישען אמ־פיטעאטער; די אויבערשטע גאלעריע אין א טעאטער.

Amphitheatre

amphitheat'ric *a.* (עם-פי-טהי-עט'-ריק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנ־ליך צו אן אמפיטעאטער.

amphitheat'rical *a.* (עם-פי-טהי-עט'-ריק-על) וואס אנבעלאנגט צו אן אמפי־טעאטער.

amphitheat'rically *adv.* (עם-פי-טהי-עט'-רי-קעל-אי) נאך דער פארם פון אן אמפיטעאטער.

Amphit'ryon *n.* (עם-פיט'-רי-אן) אמ־פיטריאן, דער שטיף־פאטער פון הערקולעס [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

amphit'ryon *n.* (עם-פיט'-רי-אן) א גאסטווירטה.

amphiv'orous *a.* (עם-פיוו'-א-ראס) וואס עסט אי פלאנצען אי פלייש.

am'phora *n.* (עמ'-פא-רע) אמפארא [אזא אלטער רוימישער אדער גריכישער וויינקרוג מיט צוויי אויערען און א שפי־ציגען דעק].

Amphoræ

am'phoral *a.* (עמ'-פא-רעל) וואס קוקט אויס ווי אן אמפארא. ז. *amphora*

amphor'ic *a.* (עם-פאר'-איק) וואס האט דעם קלאנג, ווי מען בלאזט אין א קריגעל אדער פלעשעל; וואס איז עהנליך צו אן אמפארא. ז. *amphora*

amphoric'ity *n.* (עם-פא-ריס'-אי-טי) דאס זיין עהנליך צו דעם קלאנג, וואס הערט זיך ווען מען בלאזט אין א קריגעל אדער פלעשעל.

amphoter'ic *a.* (עם-פא-טער'-איק) טיילווייז אהין און טיילווייז אהער; נייטראל.

amphris'us but'terfly (עם-פריס'-אס באט'-ער-פלאי) אזא גרויסער שמע־טערלינג פון ברוינליכער פארב. ז. אויך *"Butterflies"*.

am'ple *a.* (עמפל) גרויס, אונבעגרענצט, בשפע'דיג, פול, ברייט, גערוימיג, רייכליך.

amplec'tant *a.* (עם-פלעק'-טענט) וואס נעהמט ארום; וואס אומפאסט [ווי בלע־טער פון א פלאנץ אומפאסען דאס שטענ־געל].

am'pleness *n.* (עמפל'-נעס) גרויסקייט, ברייטקייט, ניט איינגעשריינט-קייט; אויספיהרליכקייט, ווייטלויפיגקייט.

amplex'icaul *a.* (עמ-פלעק'-סי-קאהל) וואס נעהמט ארום, וואס אומפאסט [ווי בלעטער אומפאסען דאס שטענגעל].

am'pliate *v. and a.* (עמ'-פלי-אייט) פערגרעסערען; אויסציהען; ברייטער מא-כען; פערגרעסערט; אויסגעצויגען.

amplia'tion *n.* (עמ-פלי-איי'-שאן) פערגרעסערונג, פערברייטערונג; ווייטלויפיגקייט; דאס אבלעגען א געריכטס-אור-טייל אויף שפעטער, צו קריגען מעהר בע-ווייזע.

am'pliative *a.* (עמ'-פלי-ע-טיוו) וואס גיט צו, וואס פערגרעסערט, פערברייטערט.

amplifica'tion *n.* (עמ-פלי-פי-קיי'-שאן) פערגרעסערונג; אן אויספיהרליכע שילדערונג אדער בעשרייבונג.

am'plificative *a.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טיוו) ז. *ampliative*

am'plificator *n.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טאר) איינער וואס ברייטערט אויס אדער פערגרעסערט.

am'plificatory *a.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טא-רי) ז. *ampliative*

am'plifier *n.* (עמ'-פלי-פאי-ער) פערגרעסערער; אויסברייטערער.

am'plify *v.* (עמ'-פלי-פאי) פערגרעסערען; פערברייטערען.

am'plitude *n.* (עמ'-פלי-טיוד) גרויסקייט; אומפאנג; ווייטקייט; ברייטקייט; גלאנץ, רייכקייט; אמפליטודע [א מאטעמאטישער אויסדרוק פאר א געוויסע גרעסע; אן אסטראנאמישער אויסדרוק פאר דעם קרייז-בויגען וואס א שטערען מאכט פון זיין אויפגאנג ביז זיין אונטערגאנג; די גרויס פון קרייז-בויגען וואס א פערפענדיקעל פון א זייגער מאכט ביי זיין בעוועגונג].

am'ply *adv.* (עמ'-פלי) פאלקאמען, גרינדליך, אויספיהרליך. ז. *ample*

This subject has been **amply** treated by many writers.

ampul'la *n.* (עמ-פאל'-ע) אן אלט-רוימישע רונדע קוגעל-פערמיגע פלאש מיט א שמאלען האלז; א כלי אין וועלכער מען האלט דאס זאלב-אויל צום קרוינען א מאנארך; אזא גלעזערנע כלי וואו מען האלט דעם וויין און וואסער פאר'ן אלטאר אין די קאטוילישע קירכען.

ampulla'ceous *a.* (עמ-פא-ליי'-שיאס) פלאשענפערמיג, וואס איז עהנליך צו א רונדער קוגעלפערמיגער פלאש מיט א שמא-לען האלז.

am'pullary *a.* (עמ'-פאל-איי-רי) וואס איז שייך צו א רונדער קוגעל-פערמיגער פלאש מיט א שמאלען האלז.

ampul'late *a.* (עמ-פאל'-אייט) ז. *ampullary*

ampul'liform *a.* (עמ-פאל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א רונדער קוגעל-פערמיגער פלאש מיט א שמאלען האלז.

ampullos'ity *n.* (עמ-פא-לאס'-אי-טי) א באמבאסטישע, אן אויפגעבלאזענע שפראך.

am'putate *v.* (עמ'-פיו-טייט) אמפוטי-רען; אראבנעהמען א גליעד פון קערפער; אבשניידען די צווייגען פון בוימער.

His left hand was **amputated** in the hospital.

amputa'tion *n.* (עמ-פיו-טיי'-שאן) אמפוטאציאן; דאס אראבנעהמען א גליעד פון קערפער.

amputa'tional *a.* (עמ-פיו-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אמפוטאציאן.

amputa'tor *n.* (עמ-פיו-טיי'-טאר) איינער וואס אמפוטירט [שניידט אראב א גליעד פון קערפער].

am'pyx *n.* (עמ'-פיקס) א האר-שפאנגע [אזא מעטאל-באנד וואס פלעגט אמאל פון פרויען געטראגען ווערען ארום קאפ]; א קאפ-באנד פון א פערד.

amuck' *a. and adv.* (ע-מאק') מערדע-ריש-ווילד, צוקאכט.

am'ulet *n.* (עמ'-יו-לעט) א צויבער-מיט-טעל; א קמיע.

amulet'ic *a.* (עמ-יו-לעט'-איק) וואס איז שייך צו א קמיע.

amu'sable *a.* (ע-מיו'-זעבל) וואס קען אמוזירען.

amuse' *v.* (ע-מיוז') אמוזירען, אונטער-האלטען; לוסטיג מאכען; פערשאפען פער-גניגען; די צייט פערטרייבען.

amuse'ment *n.* (ע-מיוז'-מענט) פער-גניגען; לוסטיגקייט; אונטערהאלטונג; צייטפערטרייב.

amu'ser *n.* (ע-מיו'-זער) איינער וואס אמוזירט.

amusette' *n.* (עמ-יו-זעט') אזא לייכ-טער פעלד-הארמאט.

amu'sing *a.* (ע-מיו'-זינג) אמוזאנט, אונטערהאלטענד; פערגניגענד; צייט-פערטרייבענד; לוסטיג מאכענדיג.

amu'singly *adv.* (ע-מיו'-זינג-לי) אויף אן אמוזאנטען אופן.

amu'sive *a.* (ע-מיו'-זיוו) אמוזירט, וואס מאכט פערגניגען.

amu'sively *adv.* (ע-מיו'-זיוו-לי) אויף אן אופן וואס קען אמוזירען.

amu'siveness *n.* (ע-מיו'-זיוו-נעס) דאס זיין אמוזאנט, דאס קענען אמוזירען.

amyg'dala *n.* (ע-מיג'-דע-לע) א מאנ-דעל; עפעס וואס איז מאנדעלפערמיג [ווי די מאנדלען אין האלז, אין מארך, א. ז. וו.].

amyg'dalate *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לייט) וואס אנבעלאנגט צו מאנדלען; מאנ-דעלפערמיג; מאנדעלמילך.

amygdal'ic *a.* (עמ-אי-דעל'-איק) וואס איז געמאכט פון מאנדלען.

amyg'daline *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לין) מאנדעלארטיג; אמיגדאלין [א כע-מישער שטאף, איינער פון די בעשטאנד-טיילען פון ביטערע מאנדלען].

amygdali'tis *n.* (ע-מיג-דע-לאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די מאנדלען [אין האלז].

amyg'daloid *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לאיד) מאנדעלפערמיג; דער מאנדעל-שטיין [אזא הארטער שטיין].

amygdalot'omy *n.* (ע-מיג-דע-לאט'-א-מי) דאס אויסשניידען די מאנדלען אין האלז.

am'yl *n.* (עמ'-איל) [א געוויסע כעמישע פערבינדונג].

amyla'ceous *a.* (עמ-י-ליי'-שיאס) אזוי-ווי קראכמאל; קראכמאליג.

am'yl al'cohol (עמ'-איל על'-קא-האל) אמיל-אלקאהאל [אזא אוילינער פארבלאזער ספיריט].

am'ylene *n.* (עמ'-אי-לין) [א כעמישע פליסיגקייט, וועלכע מען האט אמאל פרובירט בענוצען אלס שלאפ-טרונק].

amyl'ic *a.* (ע-מיל'-איק) וואס אנבעלאנגט צו אמיל; וואס פראדוצירט אמיל-אלקא-האל.

amylif'erous *a.* (עמ-אי-ליפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס קראכמאל.

am'ylin *n.* (עמ'-אי-לין) דער טייל פון קראכמאל וואס צוגעהט ניט אין וואסער.

am'yline *n.* (עמ'-אי-לין) ז. *amylin*

am'yl nit'rite (עמ'-איל נאיט'-ראיט) אמיל-ניטריט [אזא געלבליכע שמעקע-דיגע פליסיגקייט, בענוצט אין מעדיצין].

amyl'ogen *n.* (ע-מיל'-א-דזשען) דער טייל פון קראכמאל וואס צוגעהט אין וואסער.

an'a *adv.* (ענ'-ע) פון יעדען גלייך [בענוצט אלס צייכען אין שרייבען רע-צעפטען]; א בוך מיט אנעקדאטען; אנעק-דאטען.

anab'amous *a.* (ענ-עב'-ע-מאס) וואס איז שייך צו אזא זארט פיש, אויף וועל-כע עס ווערט געזאגט, אז זיי קענען קלע-טערען א קורצע שטרעקע אויף א בוים.

Anabap'tism *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיזם) אנאבאפטיזם, די לעהרע פון די ווידער-טויפער. ז. *Anabaptist*

Anabap'tist *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיסט) אנא-באפטיסט, ווידערטויפער [א מיטגליעד פון א קריסטליכע סעקטע, וואס גלויבט, אז דאס טויפען אין דער קינדהייט איז ניט גענוג און אז ביים אויסוואקסען דארף מען א צווייטען מאל טויפען. אזא סעקטע האט זיך געגרינדעט אין דייטשלאנד אין יאהר 1521, זי איז געווען אויך האלב קאמוניסטיש].

anabaptist'ic *a.* (ענ-ע-בעפ-טיסט'-איק) אנאבאפטיסטיש. ז. *Anabaptist*

anabaptist'ical *a.* (ענ-ע-בעפ-טיסט'-איק-על) ז. *anabaptistic*

anabap'tistry *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיסט-רי) די לעהרע פון די אנאבאפטיסטען; די סעקטע פון די אנאבאפטיסטען. ז. *Anabaptist*

anabaptize' *v.* (ענ-ע-בעפ-טאיז') אי-בערטויפען נאך אמאל.

anab'asis *n.* (ע-נעב'-ע-סיס) א מילי-טערישער צוג; א מיליטערישע עקספעדי-ציע; א געוויסע מיליטערישע עקספעדי-ציע אין דער גריכישער געשיכטע.

The **anabasis** of Napoleon on Russia was a failure.

anab'ole *n.* (ענ-עב'-א-לי) דאס אויס-ברעכען, דאס שפייען; דאס ארויסברייני-גען ליחה מיט'ן מויל.

anabol'ic *a.* (ענ-ע-באל'-איק) וואס איז שייך צו אנאבאליזם. ז. *anabolism*

anab'olism *n.* (ע-נעב'-א-ליזם) אנא-באליזם, די רייהע ענדערונגען, וועלכע קו-מען פאר אין די פערצעהרטע שפייזען ביז זיי פערוואנדלען זיך אין א צעלע פון קערפער. ז. *metabolism*

anacamp'tic *a.* (ענ-ע-קעמפ'-טיק) וואס האט די אייגענשאפט צוריקצואווארפען ליכטשטראהלען אדער א קלאנג.

anacamp'tical *a.* (ע-נע-קעמפ'-טיק-על) ז. *anacamptic*

anacamp'tics *n.* (ע-נע-קעמפ'-טיקס) די לעהרע פון דער צוריקווארפונג פון ליכטשטראהלען אדער א קלאנג.

anacathar'tic *a.* (ענ-ע-קע-טהאר'-טיק) ארויסברייניגענדיג ליחה פון נאז אדער מיט'ן מויל.

anachron'ic *a.* (ענ-ע-קראנ'-איק) אנא-כראניש, ניט אין דער צייט, וואס שטימט ניט מיט דער צייט אדער דאטום [ווענען פאסירונגען וועלכע ווערען איבערגעגעבען מיט א פאלשען דאטום אדער ניט אין איינקלאנג מיט דער צייט].

anachron'ical *a.* (ענ-ע-קראנ'-אי-קעל) ז. ***anachronic***

anachron'ically *adv.* (ענ-ע-קראנ'-אי-קעל-אי) אויף אן אנאכראנישען אופן.

anach'ronism *n.* (ענ-עק'-ראנ-איזם) אנאכראניזם, א פערבינדונג פון פאסירונגען, וועלכע געהערען צו פערשיעדענע צייטען; אן אונצייטמעסיגע פאסירונג אדער ערשיינונג.

anach'ronist *n.* (ענ-עק'-ראנ-איסט) איינער וואס מאכט א כראנאלאגישען פעהלער, איינער וואס מאכט א טעות אין א דאטום אדער פערבינדעט פאסירונגען פון פערשיעדענע צייטען אונטער איין דאטום.

anachronis'tic *a.* (ענ-עק-רא-ניס-טיק) אנאכראניש, מיט א פעהלער אין צייט-רעכנונג.

anachronis'tical *a.* (ענ-עק-רא-ניס'-טי-קעל) ז. ***anachronistic***

anach'ronize *v.* (ענ-עק'-ראנ-איז) מאכען א כראנאלאגישען פעהלער.

anach'ronous *a.* (ענ-עק'-ראנ-אס) ז. ***anachronistic***

anach'ronously *adv.* (ענ-עק'-ראנ-אס-לי) אויף אן אנאכראנישען אופן.

anaclast'ic *a.* (ענ-ע-קלעסט'-איק) וואס איז שייך צו דער ברעכונג פון ליכט שטראהלען; וואס איז שייך צו דער צוריקווארפונג פון די לופטוועלען, וואס ווערען געבילדעט פון א קלאנג; צוריקווארפענדיג; שטראהלענברעכענד.

anaclast'ic glas'ses (ענ-ע-קלעסט'-איק גלעס'-עז) גלעזער וועלכע האבען די אייגענשאפט צו ברעכען ליכט-שטראהלען.

anaclast'ics *n.* (ענ-ע-קלעסט'-איקס) די לעהרע וועגען דער ברעכונג פון ליכט-שטראהלען.

anacolu'thia *n.* (ענ-ע-קא-ליו'-טהי-א) דאס פעהלען פון דער גראמאטיקאלישער אויסגעהאלטענקייט.

anacolu'thic *a.* (ענ-ע-קא-ליו'-טהיק) וואס איז ניט גראמאטיקאליש אויסגעהאלטען.

anacolu'thically *adv.* (ענ-ע-קא-ליו'-טהי-קעל-אי) אויף א ניט אויסגעהאלטענעם גראמאטיקאלישען אופן.

anacolu'thon *n.* (ענ-ע-קא-ליו'-טהאן) א זאץ וואס איז גראמאטיקאליש פאלש, א ניט אויסגעהאלטענער זאץ; א זאץ אין וועלכען עס זיינען אויסגעלאזען ווערטער.

anacon'da *n.* (ענ-ע-קאנ'-דע) ריעזענשלאנג; זיד-אמעריקאנישער באא.

Anacreon'tic *a.* (ענ-עק-רי-אנ'-טיק) וואס איז שייך צו די לירישע ליעבעס-געדיכטע פון דעם גריכישען פאעט אנאקרעאן.

anacreon'tic *n.* (ענ-עק-רי-אנ'-טיק) א פאעמא וועגען ליעבע.

anadiplo'sis *n.* (ענ-ע-די-פלאו'-סיס) דאס ווידערהאלען א ווארט, כדי איהם צו מאכען איינדרוקספאלער.
Ours is a good land, a land of milk and honey.

an'adrom *n.* (ענ'-ע-דראם) א פיש וואס שווימט ארויס פון ים אין די טייכען.

anad'romous *a.* (ע-נעד'-רא-מאס) וואס געהט פון ים ארויף; וואס שווימט פון ים אין טייך אריין [ביי פיש].

ana'ea phan'tes (ע-ניי'-אי פענ'-טעס) אזא שמעטערלינג פון דונקעל וויאלעטען פארב. ז. אויך. ***"Butterflies"***

anæ'mia (ע-ני'-מי-ע) ז. ***anemia***

anæsthe'sia *n.* (ענ-עס-טהי'-סי-ע) אנאסטעזיע [בעוואוסטלאזיגקייט דורך קראנקהייט אדער דורך א שלאף-טרונק].

anæsthe'sis *n.* (ענ-עס-טהי'-סיס) ז. ***anesthesia***

an'aglyph *n.* (ענ'-ע-גליף) א האלב בולט'ע, רעליעפע בעפוצונג [ווי אויף א געביידע], א פלאכער רעליעף.

anaglyph'ic *a.* (ענ-ע-גליפ'-איק) וואס אנבעלאנגט צו א פלאכען רעליעף.

anaglyph'ical *a.* (ענ-ע-גליפ'-איק-על) ז. ***anaglyphic***

anaglyptog'raphy *n.* (ענ-ע-גליפ-טאג'-רע-פי) די קונסט פון מאכען מעדאליאן בילדער; די קונסט פון גראווירען בולט'ע, רעליעפע בילדער.

anago'ge *n.* (ענ-ע-גאו'-דזשי) אלעגארישע אדער מיסטישע בעדייטונג; דאס פליסען [ליחה, בלוט א. ד. ג.] דורך'ן מויל.

anagog'ic *a.* (ענ-ע-גאדזש'-איק) מיסטיש; אלעגאריש, בדרך משל.

anagog'ical *a.* (ענ-ע-גאדזש'-אי-קעל) ז. ***anagogic***

anagog'ically *adv.* (ענ-ע-גאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א מיסטישען אדער אלעגארישען אופן.

anagog'ics *n.* (ענ-ע-גאדזש'-איקס) די מיסטישע אדער אלעגארישע [בדרך משל] פערטייטשונג פון דער ביבעל.

an'agogy *n.* (ענ'-ע-גא-דזשי) ז. ***anagoge***

an'agram *n.* (ענ'-ע-גרעם) אנאגראם [די פערבייטונג פון די אותיות אין א ווארט כדי צו מאכען א נייעם ווארט].
Evil is an anagram of live.

anagrammat'ic *a.* (ענ-ע-גרעם-עט'-איק) אנאגראמאטיש; בילדענדיג אן אנאגראם. ז. ***anagram***

anagrammat'ically *adv.* (ענ-ע-גרעם-עט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון אן אנאגראם.

anagram'matism *n.* (ענ-ע-גרעמ'-ע-טיזם) דאס מאכען אנאגראמען. ז. ***anagram***

anagram'matist *n.* (ענ-ע-גרעמ'-עט-איסט) אן אנאגראמען-מאכער. ז. ***anagram***

anagram'matize *v.* (ענ-ע-גרעמ'-עט-איז) מאכען אנאגראמען. ז. ***anagram***

an'agraph *n.* (ענ'-ע-גרעף) רעגיסטער, פערצייכניס.

anakolou'thon *n.* (ענ-ע-קא-ליו'-טהאן) ז. ***anacoluthon***

a'nal *a.* (איי'-נעל) וואס אנבעלאנגט צום אחור; וואס איז אין דעם הינטערשטען טייל פון קערפער פון א חיה אדער פיש.

anal'cime *n.* (ע-נעל'-סים) אנאלצים [אזא מינעראל].

an'alect *n.* (ענ'-ע-לעקט) אן אויסצוג פון א ליטעראַרישער שריפט.

analec'ta *n.* (ענ-ע-לעק'-טא) אן אויסצוג אדער אויסציגע פון די שריפטען פון א פערפאסער אדער פערפאסערס; א זאמלונג פון געוועהלטע אויסציגע.

analec'tic *a.* (ענ-ע-לעק'-טיק) צוזאמענגעשטעלט פון געוועהלטע שטיקער פון ליטעראַרישע ווערק.
An analectic magazine.

an'alects *n.* (ענ'-ע-לעקטס) אנאלעקטען [אויסגעוועהלטע שטיקער פון ליטעראַרישע ווערק].

analem'ma *n.* (ענ-ע-לעמ'-ע) דער זוינענצייגער, אזא ציפערבלאט פון וועלכען מען קען זעהן דעם צושטאנד פון דער זון.

analep'sis *n.* (ענ-ע-לעפ'-סיס) דאס צוריקקעהרען פון די קרעפטען, די ערהאלונג נאך א קראנקהייט.

an'alepsy *n.* (ענ'-ע-לעפ-סי) ז. ***analepsis***

analep'tic *n. and a.* (ענ-ע-לעפ'-טיק) צוריקקעהרענדיג צו די קרעפטען נאך א קראנקהייט; קרעפטיגענד; א קרעפטיגונגס-מיטעל.
An analeptic medicine.

analep'tics *n.* (ענ-ע-לעפ'-טיקס) א מעדיצינישעם קרעפטיגונגס-מיטעל

anal'ogal *a.* (ע-נעל'-א-געל) עהנליך, גלייך, אנאלאגיש.

analog'ical *a.* (ענ-ע-לאדזש'-איק-על) אנאלאגיש; עהנליך, גלייך.

analog'ically *adv.* (ענ-ע-לאדזש'-איק-על-אי) דורך אנאלאגיע אדער עהנליכקייט.

analog'icalness *n.* (ענ-ע-לאדזש'-איק-על-נעס) דאס זיין אנאלאגיש, עהנליך, גלייך.

anal'ogise *v.* (ע-נעל'-א-דזשאיז) ערקלערען דורך אנאלאגיע, דורך א משל; מאכען א פערגלייך דורך א משל.

anal'ogism *n.* (ע-נעל'-א-דזשיזם) אנאלאגיזם, דאס אורטיילען דורך פערגלייכונגען און עהנליכקייטען; א שלוספאלגערונג דורך אנאלאגיע.

anal'ogist *n.* (ע-נעל'-א-דזשיסט) איינער וואס מאכט שלוספאלגערונגען דורך אנאלאגיע.

analogis'tic *a.* (ענ-על-א-דזשיס'-טיק) וואס איז שייך צו אן אנאלאגיע. ז. ***analogism***

anal'ogize *v.* (ע-נעל'-א-דזשאיז) ז. ***analogise***

anal'ogous *a.* (ע-נעל'-א-גאס) אנאלאגיש, עהנליך, גלייך.

anal'ogously *adv.* (ע-נעל'-א-גאס-לי) אויף אן אנאלאגישען אדער עהנליכען אופן.

anal'ogy *n.* (ע-נעל'-א-דזשי) אנאלאגיע, עהנליכקייט, גלייכפערמיגקייט.

an'alysable *a.* (ענ'-ע-לאי-זעבל) וואס קען אנאליזירט, צוגליעדערט ווערען.

an'alysableness *n.* (ענ'-ע-לאי-זעבל-נעס) דאס קענען אנאליזירט אדער צוגליעדערט ווערען.

analysa'tion *n.* (ענ-ע-לי-זיי'-שאן) דאס אנאליזירען; דאס פונאנדערנעהמען אדער צוגליעדערונג.

an'alyse *v.* (ענ'-ע-לאיז) אנאליזירען, צוגליעדערען, גרינדליך פונאנדערקלייבען זיך.

an'alyser *n.* (ענ'-ע-לאי-זער) איינער וואס אנאליזירט, צוגליעדערט, קלייבט זיך גרינדליך פונאנדער; א צושטריאונגס-פריזמא [אזא געשליפענע גלאז פאר פיזיקאלישע צוועקען].

anal'ysis *n.* (ע-נעל'-אי-סיס) אנאליז; צוגליעדערונג; די צוגליעדערונג פון שטאפען אין זייערע כעמישע עלעמענטען; פונאנדערנעהמונג און צוגליעדערונג פון א געדאנק אדער שריפט לויט די הויפט-פונקטען.

an'alyst *n.* (ענ'-ע-ליסט) איינער וואס אנאליזירט. ז. ***analysis***

analyt'ic *a.* (ענ-ע-ליט'-איק) אנאליטיש, צוגליעדערט.

analyt'ical *a.* (ענ-ע-ליט'-אי-קעל) ז. ***analytic***

analyt'ical chem'istry (ענ-ע-ליט-אי-קעל קעמ'-איס-טרי) אנאליטישע כעמי [דער טייל פון כעמי וואס בעשעפטיגט זיך מיט פונאנדערגליעדערען די שטאפען אויף זייערע גרונד-עלעמענטען].

analyt'ical geom'etry (ענ-ע-ליט-אי-קעל דזשי-אמ'-ע-טרי) אנאליטישע געאמעטריע [געאמעטרישע אויפגאבען

וועלכע ווערען געלעזט מיט דער הילף פון אלגעברא און העכערע מאטעמאטיק דורך א קאארדינאטען=סיסטעם].

analyt'ically *adv.* (ענ-ע-ליט'-איק-על-אי) דורך אנאליזע, דורך פונאנדערנעהמען אדער צוגליעדערען.

analyt'ic meth'od (ענ-ע-ליט'-איק מעטה'-אד) די אנאליטישע מעטאדע [די מעטאדע אין דענקען דורך וועלכע עס ווערט פעסטגעשטעלט אן אלגעמיינער כלל אדער פרינציפ פון בעקאנטע פרטים; איין געגענזאץ צו דער סינטעטישער מעטאדע, וואס געהט ארוים פון אן אלגעמיינעם פרינציפ אום פעסטצושטעלען די פרטים].

analyt'ics *n.* (ענ-ע-ליט'-איקס) די אנאליטישע מעטהאדע אין דער וויסענשאפט. ז. *analysis*

an'alyzable *a.* (ענ'-ע-לאי-זעבל) ז. *analysable*

an'alyzableness *n.* (ענ'-ע-לאי-זעבל-נעס) ז. *analysableness*

analyza'tion *n.* (ענ-ע-לי-זיי'-שאן) ז. *analysation*

an'alyze *v.* (ענ'-ע-לאיז) אנאליזירען, צוגליעדערען, גרינדליך פונאנדערקלייבען זיך.

an'alyzer *n.* (ענ'-ע-לאי-זער) איינער וואס אנאליזירט. ז. *analyser*

anamor'phose *v.* (ענ-ע-מאהר'-פאוס) פארשטעלען א בילד ניט אין זיין ריכטיגער געשטאלט דורך געוויסע אפטישע מיטעל. ז. *anamorphosis*

anamor'phosis *n.* (ענ-ע-מאהר'-פא-סיס) א צודרעהט אדער צוקרימט בילד [א בילד וואס ווערט אויף א קינסטליכען אופן צוקרימט דורך א קרומען שפיעגעל אדער אויף אן אנדערן אפטישען אופן]; דאס אויסזעהן פון א בילד ניט אין זיין ריכטיגער געשטאלט, נאר אין א פראיעקציאן; די פערוואנדלונג פון דער געשטאלט [ביי פלאנצען].

Anamorphosis

anamor'phosy *n.* (ענ-ע-מאהר'-פא-סי) ז. *anamorphosis*

anamor'phous *a.* (ענ-ע-מאהר'-פאס) ארוים פון דער פארם, ארוים פון דער ריכטיגער געשטאלט.

ana'nas *n.* (ע-ניי'-נעס) אנאנאס [אזא פרוכט].

anan'drous *a.* (ענ-ענ'-דראס) וואס האט ניט קיין זאמען=שטויב=פעדעם [ביי געוויסע פלאנצען].

anan'thous *a.* (ענ-ענ'-טהאס) בלומענלאז; וואס האט ניט קיין בלומען [ביי געוויסע פלאנצען].

an'anym *n.* (ענ'-ע-נים) א נאמען געשריבען אזוי, אז די אותיות קומען אין א פערקעהרטער ארדנונג.

an'apæst *n.* (ענ'-ע-פעסט) דער אנאפעסט [א געוויסע טאקטפארם אין פאעזי, צוויי קורצע זילבען און איין לאנגע].

anapæs'tic *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק) וואס איז שייך צום אנאפעסט. ז. *anapæst*

anapæs'tically *adv.* (ענ-ע-פעס'-טי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון אן אנאפעסט. ז. *anapæst*

an'apest *n.* (ענ'-ע-פעסט) ז. *anapæst*

anapes'tic *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק) ז. *anapæstic*

anapes'tical *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק-על) ז. *anapæstic*

anapes'tically *adv.* (ענ-ע-פעס'-טי-קעל-אי) ז. *anapæstically*

anaph'ora *n.* (ענ-עפ'-א-רע) די אנאפער [די ווידערהאלונג פון דעמזעלבען ווארט אין אנפאנג פון מעהרערע זעצע].

an'arch *n.* (ענ'-ארק) אן אנארכיסט; אן אנהענגער פון דער אנארכיסטישער לעהרע. ז. *anarchism*

anar'chic *a.* (ענ-אר'-קיק) אנארכיסטיש; אהן ארדנונג.

3. I mean real politics but no carpet-bag politics.

car'pet-bag'ger *n.* (קאר'-פעט-בעג'-ער) איינער וואס זיין גאנצער פערמעגען בעשטעהט ניט מעהר ווי אין דעם וואס אין זיין רייזע-זאק געפינט זיך און קוקט נאר אויס אויף ספעקולאציעס אין דעם ארט וואו ער קומט; א פרעמדער וואס פלעגט קומען און זיך בעגנוגען מיט די אונארדענונגען אין דעם פאליטישען צושטאנד פון די זיד-שטאאטען פון אמעריקא נאך דעם בירגער-קריעג צו בעקומען דעם איינפלוס אויף די בעפרייטע נעגערס און אויסנוצען זייערע שטימען פאר זיינע צוועקען [הויפטזעכליך פלעגט מען אזוי רופען די וואס פלעגען קומען פון די אמעריקאנער נארד-שטאאטען].

car'pet-bag'gism *n.* (קאר'-פעט-בעג'-איזם) דאס פיהרען פאליטיק אויף דעם שניט פון וואנדערענדע ספעקולאנטען. ז. *carpet-bagger*.

car'pet-bea'ter *n.* (קאר'-פעט-ביע'-טער) א טעפיך-רייניגער [איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט רייניגען טעפיכער דורך אויסקלאפען פון זיי דעם שטויב]; א מאשין צום אויסקלאפען דעם שטויב פון טעפיכער.

car'pet-bee'tle *n.* (קאר'-פעט-ביעטל) אזא גרויסער זשוק [וועלכער צופרעסט טעפיכער און אנדערע וואלען-שטאף].

car'pet-brush *n.* (קאר'-פעט-בראש) אזא בארשט צום רייניגען טעפיכער.

car'pet-bug *n.* (קאר'-פעט-באג) ז. *carpet-beetle*

car'pet-dance *n.* (קאר'-פעט-דענס) א לייכטע, היימישע טאנץ-אונטערהאלטונג [וואו די טעפיכער ווערען ניט אוועקגענומען, ווי דאס ווערט געטהאן ביי א באל].

car'pet-friend *n.* (קאר'-פעט-פרענד) ניט קיין איבערגעגעבענער פריינד, א פריינד נאר אויף שמחות.
He is only a **carpet-friend.** He shares our joys, but not our sorrows.

car'pet-knight *n.* (קאר'-פעט-נאיט) א ריטער וואס האט קיין פולווער ניט געשמעקט; א זאלאן-העלד.

car'pet-mon'ger *n.* (קאר'-פעט-מאנ'-גער) א טעפיך-הענדלער; איינער וואס לעבט אין לוקסוס און פערגניגען.

car'pet-rod *n.* (קאר'-פעט-ראד) א טעפיך-שטאנג [צום פעסטהאלטען דעם טעפיך אויף די טרעפ].

car'pet-snake *n.* (קאר'-פעט-סנייק) אזא גרויסע אויסטראלישע שלאנג [איהר הויט האט פערשיעדענע קאלירען].

car'pet-strai'ner *n.* (קאר'-פעט-סטריי'-נער) אזא געצייג אויסצושפרייטען א טעפיך.

car'pet-stretch'er *n.* (קאר'-פעט-סטרעטש'-ער) ז. *carpet-strainer*

car'pet-swee'per *n.* (קאר'-פעט-סוויע'-פער) אזא בעזים צום רייניגען טעפיכער און ארויסצונעהמען פון זיי דעם שטויב.

car'pet-thread *n.* (קאר'-פעט-טהרעד) אזא זארט שטארקער פאדים צום צונויפנעהען טעפיכער.

car'pet-wire *n.* (קאר'-פעט-הוואיר) אזא דראט מיט וועלכען עס ווערט פעסט געהאלטען דער טעפיך אויף'ן טרעפ.

carphol'ogy *n.* (קאר-פאל'-א-דזשי) דאס צופען פון היץ די בעט-געוואנד פון א קראנקען, וואס ליעגט אין פיבער.

car'ping *n. and a.* (קאר'-פינג) טאדלענדיג אדער קריטיקירענדיג אהן א גרונד; טאדעל, גרונדלאזע קריטיק, פעהלער-זוכעניש.

car'ping crit'ic (קאר'-פינג קריט'-איק) גרונדלאזע קריטיק; א קריטיקער, וואס זוכט נור חסרונות.

car'polite *n.* (קאר'-פא-לאיט) פערשטיינערטע פרוכט [פרוכט, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין שטיין].

carpol'ogy *n.* (קאר-פאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פרוכט.

car'pus *n.* (קאר'-פאס) האנד-געלענק; האנד-ווארצעל, האנד-ווארצעל-ביין [דער ביין וואו די האנד-פלעכע פאנגט זיך אן].

car'rack *n.* (קער'-עק) ז. *carack*

carrageen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. *carageen*

carragheen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. *carageen*

car'rat *n.* (קער'-עט) ז. *carat*

car'raway *n.* (קער'-ע-הוויי) ז. *caraway*

car'riable *a.* (קער'-אי-עבל) וואס קען געטראגען ווערען.

car'riage *n.* (קער'-אידזש) א קארעטע; דאס טראגען; דאס פיהרען, דאס פיהרען סחורה אדער פערזאנען; טראנספארט-געשעפט; די אויסגאבען אויף פוהר אדער טראנספארט; אויפפיהרונג,

car'riageable *a.* (קער'-אידזש-עבל) וואס קען טראנספארטירט אדער געפיהרט ווערען מיט א קארעטע.

car'riage-beam *n.* (קער'-אידזש-ביעם) דער דייקסעל [דאס קוואר-שטענגעל פון א וואגען, צו וועלכען די פערד ווערען געשפאנט].

car'riage-com'pany *n.* (קער'-אידזש קאמ'-פע-ני) רייכע לייט וואס פאהרען אין אייגענע קארעטען.

car'riage-drive *n.* (קער'-אידזש-דראיוו) דער צופאהר צו א הויז פאר קארעטען.

car'riage-free *a.* (קער'-אידזש-פריע) פריי פון צאהלען טראנספארט-געלד.

car'riage-lif'ter *n.* (קער'-אידזש-ליפ'-טער) א מאשין צום הויבען שווערע משא.

car'riage-paid *a.* (קער'-אידזש-פייד) פאסט-פריי, פראנקא, פאר טראנספארט בעצאהלט.

car'riageway *n.* (קער'-אידזש-הוויי) א וועג פאר פוהרען אדער קארעטען [ווי אויף א בריק, אין א גאס א. ד. ג.]; א פאהר-וועג.

car'rick *n.* (קער'-איק) ז. *carack*

car'rick-bend *n.* (קער'-איק-בענד) אזא שלייף אדער קנופ וואס מאטראזען מאכען צו בעהעפטען צוויי שטריק.

Carrick-bend

car'ried *a.* (קער'-איד) ניט אין גאנצען ביים פערשטאנד; ניט בכח צו בעגרייפען פשוט'ע זאכען.

car'rier *n.* (קער'-אי-ער) א טרעגער.

car'rier-pige'on *n.* (קער'-אי-ער-פידזש'-אן) א פאסט-טויב [א געלערענטע טויב מיט וועלכע מען שיקט בריעף].

Carrier-pigeon

car'rion *n.* (קער'-אי-אן) א נבלה, א פגר; א ווערטהלאזער מענש אדער זאך.

car'rion-bee'tle *n.* (קער'-אי-אן-ביעטל) אזא זשוק [קעפער] וואס שפייזט זיך מיט נבלה-פלייש.

car'rion-crow *n.* (קער'-אי-אן-קראו) א קראהע, א וואראנע.

car'rion-fee'der *n.* (קער'-אי-אן פיע'-דער) א חיה וואס עסט נבלות.

car'rion-flow'er *n.* (קער'-אי-אן-פלאו'-ער) אזא פלאנצע וואס האט דעם ריח פון א נבלה.

car'rion-hawk *n.* (קער'-אי-אן-האהק) א רויב-פויגעל וואס עסט נבלות.

car'rion-vul'ture *n.* (קער'-אי-אן-וואל'-טשור) דער גייער אדער שווארצער אדלער [רויב-פויגלען וואס עסען נבלות].

car'rom *n.* (קער'-אם) ז. *carom*

carronade' *n.* (קער-א-נייד') אזא קליינער, לייכטער הארמאט.

car'rot *n.* (קער'-אט) א מער, א מער-ריב; צונויפגעראלטע טאבאק; רויטע האר, א רויטער קאפ.

car'rotiness *n.* (קער'-אט-אי-נעס) רויטקייט פון די האר; רויט-געלבע פארב.

car'roty *a.* (קער'-אט-אי) וואס האט רויטע האר; עהנליך אין פארב צו מערען.

car'rousel *n.* (קער'-או-זעל) ז. *carousel*

car'ry *v. and n.* (קער'-אי) טראגען; ברייננגען; פיהרען; אנפיהרען; אריבערפיהרען; אריינפיהרען; אוועקפיהרען; מיטפיהרען; מיטנעהמען; אוועקטראגען, אוועקרייסען; זיך האלטען, האלטען דעם קאפ; האבען אדער האלטען אין א געוויסער ריכטונג; לאנד וואס איז אבגעטיילט פון א וואסער וואס ווערט אריבערגעפעהרען מיט א שיפעל.

car'ry a brave form (קער'-אי ע ברייוו פארם) אויסזעהען שעהן.

car'ry a jest (קער'-אי ע דזשעסט) טרייבען שפאס.

car'ryall *n.* (קער'-אי-אהל) אזא געדעקטער פיער-רעדערדיגער לייכטער, קליינער וואגען געשפאנט צו איין פערד, א פאמיליע-וואגען.

car'ry a mo'tion (קער'-אי ע מאו'-שאן) דורכפיהרען א פערשלאג [אויף א פערזאמלונג].

car'ry a price (קער'-אי ע פראיס) קאסטען.

car'ry a ques'tion (קער'-אי ע קהוועס'-טשאן) ז. *carry a motion*

car'ry arms (קער'-אי ארמז) טראגען וואפען; זיין א סאלדאט אין דער ארמעע; האלטען דעם ביקס גלייך אנטקעגען דער פלייצע.

car'ry a town (קער'-אי ע טאון) 1. איינגעהמען א שטאדט. 2. געווינען די וואהלען אין א שטאדט.
1. The rebels in china **carried** many **towns.** 2. The governor **carried** our **town** by a large majority.

car'ry away' (קער'-אי ע-הוויי') הינרייסען [פון די געפיהלען]; אוועקנעהמען; אוועקרייסען.

car'ry coals to New'castle (קער'-אי קאולז טו ניו'-קעסל) גיסען וואסער אין ים; ארויסווארפען ארבייט אויף גארניט [פיהרען קויהלען אין ניו-קעסטעל, וואס איז דער ארט פון קויהלען].

car'ry eve'rything (קער'-אי עוו'-רי-טהינג) אלעס אוועקרייסען, יעדען ווידערשטאנד בעזיעגען.

car'ry false (קער'-אי פאהלס) אבווייכען פון דער גראדער ריכטונג; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

car'ry forth (קער'-אי פאורטה) ארויסטראגען פארויס; ארויסשטעלען פאר די אויגען; בעהויפטען עטוואס.

car'ry for'ward (קער'-אי פאר'-הווארד) אריבערטראגען [א חשבון אויף א צווייטען בלאט פון בוך].

car'rying *n. and a.* (קער'-אי-אינג) דאס טראגען, דאס פיהרען; א טראנספארט געשעפט; טראגענדיג, פיהרענדיג; וואס פאדערט זיך ניט צו בעצאהלען האפען-געלד.

car'rying-on *n.* (קער'-אי-אינג-אן) ווילדע שטיפעריי, סקאנדאלעזע אויפפיהרונג.

car'rying-trade *n.* (קער'-אי-אינג-טרייד) טראנספארט-האנדעל.

car'rying-traf'fic *n.* (קער'-אי-אינג-טרעפ'-איק) ז. *carrying-trade*

car'ry in'to effect' (קער'-אי אינ'-טו ע-פעקט') פערווירקליכען, אויספיהרען.

car'ry in'to execu'tion (קער'-אי אינ'-טו עק-סי-קיו'-שאַן) ז. *carry into effect*.

car'ry in'to the book (קער'-אי אינ'-טו טהי בוק) אריינטראָגען אין בוך [פערשרייבען].

car'ry it (קער'-אי איט) איינגעהמען, די אויבערהאַנד בעקומען.

car'ry low (קער'-אי לאָו) האַלטען דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען [וועגען א פערד].

car'ry off (קער'-אי אָף) 1. אַוועקטראָגען; אַוועקפיהרען; 2. טויטען.
2. My friend was **carried off** by pneumonia.

car'ry off a prize (קער'-אי אָף ע פּראַיז) געווינען א פּריז, ערהאַלטען א פּרעמיע.

car'ry on (קער'-אי אָן) 1. אַנפיהרען, פאָרטזעצען; 2. שטיפען, קעהרען מעשים.
1. Turkey is **carrying on** a war with Italy. 2. In the absence of the teacher the boys **carried on** in the room.

car'ry on a busi'ness (קער'-אי אָן ע ביז'-נעס) פיהרען א געשעפט.

car'ry on a cause (קער'-אי אָן ע קאָהז) פיהרען א פּראָצעס, א משפּט.

car'ry on a design' (קער'-אי אָן ע די-זאַין') זיך פיהרען נאָך א געוויסען פּלאַן.

car'ry on a law'suit (קער'-אי אָן ע לאָה'-סיוט) פיהרען א פּראָצעס, א משפּט.

car'ry on a siege (קער'-אי אָן ע סיעדזש) בעלאַגערען.

car'ry one's self (קער'-אי הוואַנז סעלף) זיך אויפפיהרען, זיך בענעהמען.

car'ry one's self high (קער'-אי הוואַנז סעלף האַי) פיהרען זיך שטאָלץ, איבערמוטיג.
He is too proud. He is **carrying himself high.**

car'ry out (קער'-אי אַוט) 1. אַרויסטראָגען, אַרויספיהרען; 2. דערפיהרען ביז צום ענד, אויספיהרען, דערענדיגען.
2. I want to **carry out** my purpose.

car'ry o'ver (קער'-אי אָו'-ווער) אַריבערטראָגען, אַריבערפיהרען; אַריבערטראָגען [א חשבון אויף א צווייטען בלאַט].

car'ry the bell (קער'-אי טהי בעל) זיעגען, געווינען.

car'ry the day (קער'-אי טהי דיי) זיעגען, געווינען.
The Italians **carried the day** against the Turks.

car'ry the house (קער'-אי טהי האַוס) קריגען גרויסע אַפּלאָדיסמענטען [אין טעאַטער].

car'ry the point (קער'-אי טהי פּאָינט) דערגרייכען דעם ציעל.

car'ry the world before' one (קער'-אי טהי וואָירלד בי-פאָור' הוואַן) האָבען גרויס ערפאָלג, זיין איבעראַל זיעגרייך.
It happens, that even ambitious men fail to **carry the world before them.**

car'ry through (קער'-אי טהרוה) דורכפיהרען, אויספיהרען.

car'ry to account' (קער'-אי טו ע-קאַונט') אַריינטראָגען אין חשבון.

car'ry too far (קער'-אי טו פאַר) איבערטרייבען; אַריבערכאַפּען די מאָס.

car'ry up (קער'-אי אַפּ) אַרויפפיהרען; אַרויפטראָגען; אַרויפברייגנען.

car'ry well (קער'-אי הוועל) האַלטען הויך דעם קאָפּ [וועגען פערד]; זיך גוט האַלטען, זיך גוט בענעהמען.

car'ry with a high hand (קער'-אי הוויטה ע האַי הענד) זיך פיהרען מיט איבערמוט [ביד רמה].

car'-seal *n.* (קאַר'-סיעל) א וואַגאָן-פּלאָמבע [ביי אַן אַנגעלאָדענעם פראַכט-וואַגאָן ווערט דורכגעצויגען א דראָט דורכ'ן שלאָס און אויף די ענדען פון דראָט ווערט דורך אַזאַ געצייג אַרויפגעפּרעסט א געוויסע פּלאָמבע פון בליי אָדער אַנדער ווייכען מאַטעריאַל; אום צו עפענען דעם וואַגאָן מוז מען דורכשניידען דעם דראָט אָדער אָראָברייסען די פּלאָמבע].

car'-spring *n.* (קאַר'-ספּרינג) א וואַ-גאָן-פּרוזשינע [א פּרוזשינע וועלכע האָט דעם צוועק צו פערקלענערען דאָס טרייסלען פון וואַגאָנעם ביים פאָהרען].

car'-star'ter *n.* (קאַר'-סטאַר'-טער) אַזאַ פּרוזשינע ביי א טראַמוואַי-וואַגאָן וואָס האָט דעם צוועק צו פערלייכטערען איהם זיך צו ריהרען פון אָרט, ווען ער האָט זיך אָבגעשטעלט; דער וואָס גיט דעם סיגנאַל אויף אַן אייזענבאַהן אָבצו-פאָהרען פון דער סטאַציאָן.

cart *n. and v.* (קאַרט) א צוויי-רעדער-דיגער לייכטער וועגעל צו פיהרען משא; פיהרען סחורה אין א צוויי-רעדערדיגען לייכטען וועגעל.

car'tage *n.* (קאַר'-טיידזש) פוהר-לוין; דאָס פיהרען אין א צוויי-רעדערדיגען וועגעל.

car'taret *n.* (קאַר'-טע-רעט) א נאַרע צום שלאָפען.

cart'-bote *n.* (קאַרט'-באָוט) דאָס האָלץ צו וועלכען אַן אַרענדאַר איז געווען בע-רעכטיגט צו נעהמען צו מאַכען געצייג צו בעאַרבייטען לאַנד [אין די אַלטע ענגלי-שע געזעצען].

carte *n.* (קאַרט) א קליינע פאָטאָגראַפישע קאַרטע [וויזיט פאָטאָגראַפיע]; א שפּייז-קאַרטע [אין א רעסטאָראַן]; א גע-וויסע בעוועגונג מיט דער האַנד אין פעכ-טען מיט א שווערד.

carte blanche (קאַרט בלאַנש) אַן אונ-בעשרענקטע בעפאָלמעכטיגונג; אַן ער-לויבניש אַהן וועלכע עס איז בעשרענקונ-גען און בעדינגונגען.

carte'-de-visite' *n.* (קאַרט'-דע-ווי-זיט') א קליינע פאָטאָגראַפישע קאַרטע [אונ-געפעהר די גרויס פון א וויזיט-קאַרטע].

car'tel *n.* (קאַר'-טעל) אַן אויסליפערונגס אָבמאַך [אַן אָבמאַך צווישען קריעג-פיה-רענדע לענדער זיך צו בייטען מיט די קריעגס-געפאַנגענע]; א שריפטליכע אַרויספאָדערונג צום קאַמפּף אָדער דועל; א שיף וואָס פיהרט קריעגס-געפאַנגענע צום אָבבייטען; א קאַרטע.

car'tel-ship *n.* (קאַר'-טעל-שיפּ) א שיף וואָס פיהרט קריעגס-געפאַנגענע צום אָב-בייטען [לויט דעם אָבמאַך וואָס ווערט אָפט געמאַכט צווישען צוויי קריעג-פיה-רענדע לענדער].

car'ter *n.* (קאַר'-טער) א פוהרמאַן; איינער וואָס פיהרט א צוויי-רעדערדיגען וועגעל מיט משא אָדער סחורה.

Carte'sian *a. and n.* (קאַר-טי'-זשיען) וואָס איז שייך צום פראַנצויזישען פילאָ-זאָף און מאַטעמאַטיקער דעקאַרט און זיין פילאָזאָפישע סיסטעם [געלעבט אין 17טען יאָהר-הונדערט]; איינער וואָס איז אַן אַנהענגער פון דעקאַרט.

Carte'sian coor'dinates (קאַר-טי'-זשיען קאָ-אָר'-די-נייטס) די קאָאָרדינאַ-טען סיסטעם אין דער מאַטעמאַטיק וועל-כע דער פראַנצויזישער פילאָזאָף און מאַ-טעמאַטיקער דעקאַרט האָט ערפונדען אין יאָהר 1637 [די קאָאָרדינאַטען סיסטעם גיט די מעגליכקייט צו בעשטימען די לאַ-גע פון וועלכען עס איז פּונקט אין א פלע-כע אָדער רוים]; די ליניע y—o ווערט גערופען אָרדינאַטע, די ליניע x—o — אַבסציסע.



Cartesian Coordinates

Carte'sian dev'il (קאַר-טי'-זשיען דעוויל) דער קאַרטעזיאַנישער טייוועלע [אַזאַ שפּיעל-צייג וועלכער בערוהט אויף די געזעצען פון דער פיזיק וועגען דער שווערקייט פון שטאָפען. עס בעשטעהט פון א פיגור וואָס ווערט מייסטענס געמאַכט אין דער פאָרם פון א טייוועל. אינווענינג איז די פיגור פוסט. דער אויבערשטער טייל איה-רער איז אָנגעפילט מיט לופט, דער אונטערשטער טייל—מיט וואַסער. דאָס טיי-וועלע ווערט אַריינגעשטעלט אין א פלאַש וואָס איז כמעט פול מיט וואַסער און פעסט פערמאַכט מיט א גומינע פּראָבקע. ווען מען גיט די פּראָבקע א דריק מיט'ן פינ-גער ווערט די לופט אין פלאַש צונויפגעפּרעסט. די צונויפגע-פּרעסטע לופט דריקט דאָס וואַסער אין פלאַש און עס דרינגט אַריין מעהר וואַסער אין דער פיגור פון טייוועלע און עס

Cartesian Devil

לאָזט זיך אַראָב נידריגער צום דעק פון פלאַש. הערט מען אויף די פּראָבקע צו דריקען, דאַן הויבט זיך דאָס טייוועלע ווידער אויף העכער. דריקענדיג אַזוי די פּראָבקע און אויפהערענדיג, מאַכט מען, אַז דאָס טייוועלע זאָל טאַנצען אין פלאַש אַרויף און אַראָב].

Carte'sian di'ver (קאַר-טי'-זשיען דאַי'-ווער) ז. *Cartesian devil*.

Carte'sian geom'etry (קאַר-טי'-זשיען דזשי-אָמ'-עט-רי) אַנאַליטישע גע-אָמעטריע [בעגרינדעט פון דעקאַרט, דיענט צו בעשטימען די לאַגע פון פּונק-טען אין א פלעכע אָדער רוים דורך קאָ-אָרדינאַטען].
ז. *Cartesian coordinates*.

Carte'sianism *n.* (קאַר-טי'-זשיענ-איזם) די פילאָזאָפיע פון דעם פראַנצוי-זישען פילאָזאָף דעקאַרט.

Carte'sian meas'ure of force (קאַר-טי'-זשיען מעזש'-אור אָוו פאָורס) דאָס מעסטען קראַפט אין פערהעלטניס מיט דער געשווינדיגקייט אויף דעם גרונד פון דער בעאָבאַכטונג, אַז עס איז נויטיג דיזעלבע קראַפט צו הויבען איין פונט משא צוויי פוס הויך ווי די וואָס איז נויטיג צו הויבען צוויי פונט משא איין פוס הויך.

cart′ful *n.* (קארט′-פול) אזוי פיעל ווי א וואגען קען אריינגעהמען.

Carthagin′ian *a. and n.* (קאר-טהע-דזשינ′-אי-ען) וואס איז שייך צו קארטהאגא [אן אמאליגע בעריהמטע שטאדט אין נארד=אפריקא, וואו עס געפינט זיך איצט טונים, געגרינדעט פון די פעניציאנער אין דעם 9טען יאהרהונדערט בעפאר קריסטום געבורט]; אן איינוואהנער פון קארטהאגא.

cartham′ic *a.* (קאר טהעמ′-איק) וואס איז שייך צו דעם רויטען פארבשטאף, וועלכער ווערט געמאכט פון דער זאפלארפלאנצע [אזא זאפראן=ארטיגע פלאנצע].

car′thamin *n.* (קאר′-טהע-מין) א רויטער פארבשטאף וואס ווערט געמאכט פון דער זאפלאר=פלאנצע [אזא זאפראן=ארטיגע פלאנצע].

car′thamine *n.* (קאר′-טהע מין) ז. *carthamin*.

car′thamus *n.* (קאר′-טהע-מאס) די זאפלאר=פלאנצע [אזא זאפראן=ארטיגע פלאנצע פון וועלכע עס ווערט געמאכט רויטע פארב].

cart′-horse *n.* (קארט′-הארס) א פערד וואס שלעפט א צוויי=רעדערדיגען וועגעל מיט משא אדער סחורה.

Carthu′sian *n. and a.* (קאר-טהיו′-זשיען) א מאנאך אדער א מאנאשקע פון דעם קארטהויזער ארדען [א קריסטליכער ארדען געגרינדעט אין יאהר 1086 אין פראנקרייך]; א שילער פון א געוויסער שוהל אין לאנדאן וועלכע האט עקזיסטירט ביז דעם יאהר 1872; וואס איז שייך צו א קארטהויזער מאנאך.

car′tilage *n.* (קאר′-טי-לעדזש) כראמשקע, כראשטש, קנארפעל [אזא ווייסער הארטליכער שטאף אין פלייש].

car′tilage-bone *n.* (קאר′-טי-לעדזש-באון) כראמשקע=ביין.

cartilag′inous *a.* (קאר-טי-לעדזש′-אי-נאס) כראמשקעדיג, קנארפעלדיג; עהנליך צו כראמשקע. ז. *cartilage*.

Car′tist *n.* (קאר′-טיסט) אן אונטערשטיצער אדער אנהענגער פון דער שפאנישער און פארטוגעזישער קאנסטיטוציאן.

cart′-jade *n.* (קארט′-דזשייד) א פערד א פגירה; א לאסט=פערד.

cart′-load *n.* (קארט′-לאוד) די לאדונג פון א וואגען; א סך, א גרויסע מאסע.

cart′man *n.* (קארט′-מען) איינער וואס שטופט א צוויי=רעדערדיגען וועגעל מיט משא אדער סחורה.

cartog′rapher *n.* (קאר-טאג′-רע-פער) א קארטאגראף, לאנד=קארטען=צייכנער, א צייכנער פון געאגראפישע קארטען.

cartograph′ic *a.* (קאר-טא-גרעפ′-איק) וואס איז שייך צו קארטאגראפיע. ז. *cartographer*.

cartograph′ical *a.* (קאר-טא-גרעפ′-איק-על) ז. *cartographic*.

cartograph′ically *adv.* (קאר-טא-גרעפ′-איק-על-אי) דורך קארטאגראפיע.

cartog′raphy *n.* (קאר-טאג′-רע-פי) קארטאגראפיע, די קונסט פון צוזאמענשטעלען לאנדקארטען; די צוזאמענשטעלונג פון געאגראפישע קארטען; די צייכנונג פון לאנד=קארטען.

car′tomancy *n.* (קאר′-טא-מענ-סי) נביאות דורך קארטען; דאסווארפען קארטען.

car′ton *n.* (קאר′-טאן) קארטאן, טאקטור, פאפ [אזא דיקער פאפיער פון וועלכען מען מאכט קעסטלעך]; א קארטאן=קעסטעל, א פאפקע.

car′tonnage *n.* (קאר′-טאנ-אידזש) קארטאן, טאקטור, פאפ, טאוועל=פאפיער.

carton′-pierre′ *n.* (קאר-טאן′-פיער′) אזא זארט קארטאן וועלכער ווערט געברויכט אין דער ארכיטעקטור צו מאכען ארנאמענטען פאר געביידען.

cartoon′ *n. and v.* (קאר-טוהן′) א צייכנונג וואס ווערט געמאכט אויף א שטארקען פאפיער צו בענוצען אלס מוסטער פאר דעקאראציאנס=צוועקען; א צייכנונג; א קאריקאטור=צייכנונג [פון א פערזאן אדער וואס שטעלט פאר א פאסירונג]; צייכענען א קאריקאטור.

cartoon′ist *n.* (קאר-טוהנ′-איסט) א צייכנער פון קאריקאטורען. ז. *cartoon*.

cartouche′ *n.* (קאר-טוש′) א פאטראנען=קעסטעל [א קעסטעל צום האלטען שיס=פאטראנעס]; אזא פאנטאסטיש אויסגעמאלטער אדער אויסגעשניצטער קליינער שילד פאר אן אויפשריפט.

car′tridge *n.* (קאר′-טרידזש) דער הילז פון א פאטראנע [פון א ביקס].

car′tridge-bag *n.* (קאר′-טרידזש=בעג) אזא זעקעל אין וועלכען מען האלט א קארטעטש [צום שיסען].

car′tridge-belt *n.* (קאר′-טרידזש-בעלט) א פאטראנען=גארטעל [אזא גארטעל וואס איז געמאכט, אז מען זאל קענען טראגען אין איהם שיס=פאטראנען].

car′tridge-box *n.* (קאר′-טרידזש-באקס) א פאטראנען=קעסטעל.

car′tridge-case *n.* (קאר′-טרידזש-קייס) א פאטראנען=קעסטעל; א פאטראנען הילז.

car′tridge-gage *n.* (קאר′-טרידזש-גיידזש) אזא זארט שטאל=בלעך וואס ווערט בענוצט אין דער פאבריקאציאן פון שיס=געוועהר.

car′tridge-loa′der *n.* (קאר′-טרידזש-לאו′-דער) אזא אפאראט צום אנלאדען קארטעטשען.

car′tridge-pa′per *n.* (קאר′-טרידזש-פיי′-פער) אזא זארט שטארקער שארטיגער פאפיער, וועלכער ווערט בענוצט צום צייכנען.

car′tridge-pouch *n.* (קאר′-טרידזש-פאוטש) אזא פאטראנען=קעסטעל אויסגעפוטערט מיט שעפסענע פעל.

car′tridge-wire *n.* (קאר′-טרידזש-הוואיר) צינד=דראט [אויפצורייסען א מינע].

car′-truck *n.* (קאר′-טראק) דער רעדער=געשטעל פון א וואגאן.

car′tulary *n.* (קאר′-טיו-לע-רי) א זאמלונג פון דאקומענטען, פראטאקאלען א. ד. ג. [ווי פון א מאנאסטיר]; א צימער וואו אזעלכע דאקומענטען ווערען געהאלטען; א בעאמטער וואס האט די אויפזיכט אויף אזעלכע פאפיערען.

cart′way *n.* (קארט′-הוויי) א וועג צום פאהרען.

cart′wright *n.* (קארט′-ראיט) א וואגען=מאכער.

car′ucage *n.* (קער′-או-קיידזש) דאס אקערען לאנד: אן אמאליגער שטייער אויף לאנד וואס איז געווען פעסט געשטעלט אויף יעדע הונדערט אקער.

car′ucate *n.* (קער′-או-קײט) א שטיק לאנד וואס קען אויפגעאקערט ווערען פון איין אקער=אייזען [א פארצייטיגע מאס פון לאנד, אן ערך 100 אקער].

car′uncle *n.* (קער′-אנקל) א פלייש=געוויקס אויפ׳ן קערפער; דער קאם פון א האהן.

carun′cula *n.* (קע-ראנ′-קיו-לא) ז. *caruncle*.

carun′cular *a.* (קע-ראנ′-קיו-לער) וואס האט א פלייש=געוויקס; וואס האט א קאם [ביי עופות].

carun′culous *a.* (קע-ראנ′-קיו-לאס) ז. *caruncular*.

ca′rus *n.* (קיי′-ראס) פאלשטענדיגע בעוואוסטלאזיגקייט, די לעצטע גסיסה.

caru′to *n.* (קע-רו′-טאו) אזא פרעכטיגע בלוי=שווארצליכע פארב, וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסע פרוכט.

car′vacrol *n.* (קאר′-ווע-קראל) אזא קלעפיגער אויליגער שטאף מיט א זעהר אונאנגענעהמען ריח און א שארפען געשמאק וואס ווערט געמאכט פון קימעל-אויל. פלעגט בענוצט ווערען אלס מיטעל צו צאהן=וועהטאג.

car′val *n.* (קאר′-וועל) אזא ליעד, א באלאדא.

carve *v.* (קארוו) 1. צושניידען; צושניידען אין שטיקלעך; 2. שניצען; אויסשניצען; זיך בעשעפטיגען מיט שניצעריי; 3. זויער ווערען.

1. Carve meat and bread for the guests.

carve for one's self (קארוו פאר הוואנז סעלף) אליין פאר זיך זארגען; האנדלען ווי איינעם געפעלט; זיך פיהרען אונאבהענגיג.

car′vel *n.* (קאר′-וועל) אזא אלטע שפאנישע אדער פארטוגעזישע שיף; א קארב; א ליעד, א באלאדא.

car′vel-built *a.* (קאר′-וועל-בילט) געבויט אזוי, אז די ברעטער קומען ניט ארויף איינס איבער דאס צווייטע, נאר ווערען הארט צוגעפאסט איינס צום אנדערען [ביי דעם בוי פון שיפען].

car′vel-work *n.* (קאר′-וועל-הוואירק) דאס צונויפשטעלען און צונויפפאסען די ברעטער אדער די פלאטען פון א שיף הארט איינס צו דעם אנדערען.

car′ven *a.* (קאר′וון) אויסגעקריצט, אויסגראווירט, אויסגעשניצט.

carve one's way (קארוו הוואנז הוויי) דורכשלאגען זיך א וועג.

carve out (קארוו אוט) 1. אויסשניידען, אויסשניצען; 2. זיך דערשלאגען [צו עפעס].

2. He carved out a career for himself.

car′ver *n.* (קאר′-ווער) איינער וואס שניידט פלייש אדער ברויט; א שניצער, סקולפטאר; א גרויסער טיש=מעסער.

car′ving *n.* (קאר′-ווינג) דאס שניידען, דאס שניצען, שניצעריי, סקולפטור.

car′ving-fork *n.* (קאר′-ווינג-פארק) א גרויסער גאפעל צו האלטען דאס פלייש ווען מען צושניידט עס.

car′ving-knife *n.* (קאר′-ווינג-נאיף) א גרוים מעסער צום שניידען פלייש.

car′ving-tools *n.* (קאר′-ווינג-טוהלז) שניצער=געצייג.

car′-wheel *n.* (קאר′-הוויעל) א ראד פון א וואגאן.

caryat′ic *a.* (קע-רי-עט′-איק) וואס איז שייך צו זיילען וועלכע זיינען געמאכט אין דער פארם פון פרויען=פיגורען [אין געביידען].

caryat′id *n. and a.* (קע-רי-עט′-איד) א זייל פון א געביידע געמאכט אין דעם געשטאלט פון א פרויען=פיגור; וואס איז שייך צו אזא זייל.

caryatide′an *a.* (קע-רי-עט-אי-די′-ען) אונטערשטיצט פון זיילען וואס האבען דעם געשטאלט פון פרויען=פיגורען [ביי געביידען].

caryat'ides *n.* (קע-רי-עט'-איד-איז) זיילען פון א געביידע געמאכט אין דעם גע־שטאַלט פון פרויען־פיגורען.

Caryatides

Cary'ocar *n.* (קע-ראי'-א-קער) אזא מין בוימער אין די ווארעמע געגענדען פון אמעריקא [עס וואקסט אויף זיי א מין זעהר גרויסע נים פון וועלכע עס ווערט געמאכט אויל. אנדערע בוימער דערוואק־סען ביז 100 פוס הויך].

caryophyl'lous *a.* (קער-אי-א-פיל'-אס) עהנליך צו נעלקען־בלומען.

casa've *n.* (קע-סא'-ווע) אזא פלאַנצע אין אפריקא און אין די ווארעמע געגענ־דען פון אמעריקא, וועלכע ווערט בענוצט אלס שפייז; מעהל געמאכט פון די ווארצ־לען פון דיזער פלאַנצע.

cas'cabel *n.* (קעס'-קע-בעל) אזא קנאַפּ אין דעם הינטערען טייל פון א הארמאט.

cascade' *n. and v.* (קעס-קייד') א קליי־נער וואסערפאל; קאסקאדען־שאַלטונג, סע־ריען־שאַלטונג פון עלעקטרישע באטערייען [א פערבינדונג פון א רייה עלעקטרישע באטערייען אויף דעם אופן, אז דער נע־גאטיווער פאל פון איין באטעריי ווערט פערבונדען מיט דעם פאזיטיווען פאל פון דער אנדערער א. ז וו.]; מאכען א ווא־סער־פאל; מאכען א קאסקאדען־שאַלטונג ביי עלעקטרישע באטערייען.

cascaril'la *n.* (קעס-קע-ריל'-ע) די שמעקעדיגע קארע פון קאסקארילא־בוים [אזא קליין בוימעל וואס וואקסט אין וועסט־אינדיען].

case *n. and v.* (קייס) 1. א שיידעל; א שייד פון א בוך; א שאכטעל; א פּאַו־דעל; א קאפּסעל; א קעסטעל; אן אל־מער; א שריפט־קאסטען [אין א דרוקע־ריי]; דער האלץ־ראהם פון א טיהר; דער קערפּער פון א געביידע; אן איבער־צוג, א דעקע, א הילע; א פעל; 2. די קא־זוס [א בעצייכנונג אין גראמאטיק פאר די ענדערונגען פון דער פארם פון הויפּט־ווערטער ווען זיי קומען אין פערבינדונג מיט די ווערטער: פון, דעם, צום א. ז. וו. צ. ב. דער מענש, דעם מענשענס, צום מענ־שען]; 3. דער פאל, אומשטאנד, אופן, זאך; 4. קראנקהייטס־געשיכטע, קראנק־הייטס־פאל; 5. געריכטס פאל, געריכטס־פראצעס, משפט; 6. ז'ער כאראקטער, א פערזאן וואס צייכענט זיך אויס מיט זיין כאראקטער [צום גוטען אדער שלעכטען]; 7. אריינלעגען אין א שייד; איינפּאַקען אין א קאַפּסעל; איבערציהען, בעדעקען.

3. The case in point is no criterion to judge by. 4. The patient explained the case to the doctor. 5. The case was tried by lawyers at the last term. 6. I can tell you what a terribly hard case he has been.

ca'seate *v.* (קיי'-סי-אייט) ווערען עהנ־ליך צו קעז.

casea'tion *n.* (קיי-סי-איי'-שאן) די פערדיכטונג פון מילך צו קעז; דאס פער־וואנדלען זיך אין א קעז־פערמיגע מאסע.

case'-bear'er *n.* (קייס'-בעהר'-ער) א ווערעמעל וואס שפינט זיך ארום אין א הילע [די ווערים פון וועלכע עס ענטוויק־לען זיך שמעטערלינגע און אנדערע זו־מער־פויגעלעך].

case'-bear'ing *a.* (קייס'-בעהר'-אינג) וואס איז בעדעקט מיט א הילע [ביי גע־וויסע ווערים].

case'-bot'tle *n.* (קייס'-באטל) א פלאש [מייסטענס א פיערקאנטיגע] וועלכע ווערט געהאלטען אין א קעסטעל.

case'-har'den *v.* (קייס'-הארדן) האר־טעווען, הארט מאכען די איבערפלעכע [ווי פערוואנדלען די איבערפלעכע פון אן איי־זערנעם געגענשטאנד אין שטאל]; פער־הארטעווען.

case'-har'dened *a.* (קייס'-האר'דנד) וואס איז פערהארטעוועט פון אויסען [ווי אייזערנע געצייג ווערען פערהארטעוועט]; אונפערשעמט, וואס האט קיין עהרע־געפיהל.

case'-harde'ning *n.* (קייס'-הארד'-נינג) דאס פערהארטעווען די איבערפלע־כע פון אייזען פערוואנדלענדיג עס אין שטאל.

ca'seic *a.* (קיי'-סי-איק) וואס איז שייך צו קעז, וואס קומט פון קעז.

ca'sein *n.* (קיי'-סי-אין) [דער קעז־שטאף אין מילך און אין פערשיעדע־נע אנדערע שפייז־פראדוקטען]; אזא מין קליי [צום קלעפען].

ca'seine *n.* (קיי'-סי-אין) ז. *casein*.

case'-knife *n.* (קייס'-נאיף) א מעסער וואס ווערט געהאלטען אין א שייד.

case'-lock *n.* (קייס'-לאק) א קאסטען־שלאס וואס ווערט בעפעסטיגט צו א טהיר.

case'-ma'ker *n.* (קייס'-מיי'-קער) א שאכטעל־מאכער, א פּאוּדעל־מאכער; א שיידעל־מאכער [פאר ביכער].

case'mate *n.* (קייס'-מייט) א קאזעמאט, א שטיינערנער געוועלב־קאמער אין דער וואנד פון א פעסטונג; א קעלער־געוועלב אין א פעסטונג פאר ארעסטאנטען; א טורמע־קאמער.

case'mate-car'riage *n.* (קייס'-מייט-קער'-עדזש) אזא וואגען צום אויפשטע־לען קאזעמאט־הארמאטען.

case'mated *a.* (קייס'-מיי-טעד) וואס האט קאזעמאטען.

case'mate-gun *n.* (קייס'-מייט-גאן) קאזעמאטען־הארמאט.

case'mate-truck *n.* (קייס'-מייט-טראק) אזא וואגען אויף דריי רעדער צום פיהרען הארמאטען.

case'ment *n.* (קייס'-מענט) א פענסטער־ראהם וואס איז געמאכט געווארען צו עפענען אויף זאוויעסעס ווי א טהיר.

case'mented *a.* (קייס'-מענ-טעד) וואס האט פליגעל־פענסטער.

case'ment-win'dow *n.* (קייס'-מענט-הווינ'-דאו) א פליגעל־פענסטער [אזוינע פענסטער וואס עפענען זיך אויף זאוויע־סעס ווי א טהיר].

case of con'science (קייס אוו קאנ'-שענס) א זאך וואס בעלאנגט צום געווי־סען.

case of emer'gency (קייס אוו אי-מער'-דזשענ-סי) א דרינגענדער נויט־פאל.

ca'seous *a.* (קיי'-סי-אס) אזו ווי קעז; וואס איז שייך צו קעז.

casern' *n.* (קע-זערן') א קאזארמע.

case'-shot *n.* (קייס'-שאט) א שראפּנעל, א קארטעטש [צום שיסען].

ca'seum *n.* (קיי'-סי-אם) ז. *casein*.

case'-work *n.* (קייס'-הווארק) שריפט־זעצעריי; דאס מאכען טאוולען צום איינ־בינדען ביכער, דאס מאכען שיידלעך צו ביכער.

case'-worm *n.* (קייס'-הווארם) דאס ווערעמעל פון וועלכען עס קומט ארויס די וואסער־מאטען פליעג.

cash *n. and v.* (קעש) מזומן, באאר געלד; אויסבייטען א געלד־אנווייזונג אויף מזומן.

cash'-account' *n.* (קעש'-ע-קאונט') דער חשבון פון געלד וואס קומט אריין אדער ווערט אויסגעצאהלט פון דער קא־סע; דער קרעדיט פון א געוויסע סומע וואס עס ווערט געגעבען פון א באנק צו א פערזאן אדער א פירמע [דער יעניגער וואס האט אזא קרעדיט אין א באנק קען צו יעדער צייט נעהמען געלד ביז דער סומע וואס איז פעסטגעשטעלט פאר איהם].

cash'-book *n.* (קעש'-בוק) דאס קאסע־בוך [א בוך אין וועלכען מען שרייבט אריין טעגליך די איינגאמע און אויסגאבע פון מזומן געלד].

cash'-box *n.* (קעש'-באקס) א געלד־קעסטעל.

cash'-boy *n.* (קעש'-באי) א אינגעל אין א געשעפט וואס טראגט דאס געלד פון די קונים צום קאסיר.

cash'-car'rier *n.* (קעש'-קער'-אי-ער) אזא מעכאנישע איינריכטונג אין א געשעפט אבצושיקען צום קאסיר דאס געלד וואס דער פערקויפער נעהמט ביי די קונים.

cash'-cred'it *n.* (קעש'-קרעד'-איט) באנק־קרעדיט. ז. *cash-account*.

cash'-day *n.* (קעש'-דיי) צאהל־טאג.

cash'er-box *n.* (קעש'-ער-באקס) אזא טיש וואס ווערט בענוצט אין גלאז־פאברי־קען ביים בלאזען גלאז.

cashew' *n.* (קע-שוה') דער אקאיאו־בוים [אזא מין נוס־בוים וואס וואקסט אין די ווארימע געגענדען פון אמע־ריקא]; די נים פון אקאיאו־בוים.

cashew'-nut *n.* (קע - שוה' - נאט) אזא זארט גרויסע נים וועלכע וואק־סען אויף דעם אקאיאו־בוים פון וועלכע עס ווערט געמאכט א געווי־סער זארט אויל וואס האט א זים־ליכען געשמאק.

Cashew-nuts

cashew'-tree *n.* (קע-שוה'-טריע) דער אקאיאו־בוים. ז. *cashew*.

cash'-girl *n.* (קעש'-גירל) א מיידעל אין א געשעפט וואס נעהמט דאס געלד פון די קונים און טראגט אב צום קאסיר.

cashier' *n. and v.* (קעש-איר') 1. א קאסיר; 2. ענטזאגען פון א שטעלע, ארויס־ווארפען, ארויסטרייבען פון א שטעלע אדער אמט.

2. The deserter was cashiered from the army.

cashier'er *n.* (קעש-איר'-ער) אן ענט־זאגער, אן אבשאפער.

cash'-kee'per *n.* (קעש'-קיע'-פער) א קאסיר.

cash'mere *n. and a.* (קעש'-מיער) קאַשמיר [דינער וואָלען=שטאָף]; געמאַכט פון קאַשמיר.

cash'mere goat (קעש'-מיער גאוט) די קאַשמיר=ציעג.

Cashmere Goat

cash'mere shawl (קעש'-מיער שאהל) א קאַשמיר=שאַל [שאַלען וועלכע מען פלעגט א מאָל מאַכען אין דער שטאַדט קאַשמיר, אינדיען].

cashmerette' *n.* (קעש-מי-רעט') אַזאַ דינער וואָלען=שטאָף עהנליך צו קאַשמיר.

Cashme'rian *a.* (קעש-מי'-רי-ען) וואָס איז שייך צום לאַנד אָדער שטאַדט קאַשמיר אין אינדיען.

cash'-note *n.* (קעש'-נאוט) א געלד=אַנ=ווייזונג.

cashoo' *n.* (קע-שוה') אַן אַראָמאַטישע פעך=זאַפט פון אַקאַציען=בוימער.

cash'-pur'chase *n.* (קעש'-פויר'-טשעז) דאָס קויפען פאַר מזומן.

cash up (קעש אַפּ) איינקאַסירען.

ca'sing *n.* (קיי'-סינג) א שייד; אַן איבערצוג; א ראַהם; אַן איינפאַסונג.

ca'sing-pa'per *n.* (קיי'-סינג-פיי'-פער) פאַק=פּאַפּיער.

casi'no *n.* (קע-סי'-נאו) א קלוב, א גע=זעלשאַפטס=הויז, א הויז פאַר פערזאַמלונ=גען; א דאַרפישע הייזעל; אַזאַ שפּיעל אין קאַרטען.

cask *n. and v.* (קעסק) א פעסעל; אַנני=סען אין א פעסעל.

cas'ket *n. and v.* (קעס'-קעט) א קעסטעל צו האַלטען ציערונג; אַריינלייגען אין א קעסטעל.

casque *n.* (קעסק) א פאַנצער=היטעל, א העלם.

cas'sate *v.* (קעס'-אייט) אויסקאַסירען, פערניכטען, אַרויס=נעהמען פון געברויך.

cassa'tion *n.* (קע-סיי'-שאַן) דאָס אויס=קאַסירען, דאָס פערניכטען, דאָס אויסמע=קען.

cassa'va *n.* (קע-סאַ'-ווע) אַזאַ שפּייז=פלאַנצע אין די וואַרימע געגענדען פון אַמעריקאַ; מעהל וואָס ווערט געמאַכט פון די וואָרצלען פון דיעזער פלאַנצע

Cassava Branch

casse'-pa'per *n.* (קעס'-פיי'-פער) אָב=פאַל פון פּאַפּיער ביי פּאַפּיער=פאַבריקאַ=ציאָן.

cas'serole *n.* (קעס'-ע-ראול) א קאַסטע=רול, א בראָט=פּאַן; א קאַסטראָליעל, גע=בראָטענס, א געריכט געמאַכט אין א קאַסטראָל.

Casserole

Cas'sia *n.* (קעש'-יע) די קאַסיע=פלאַנצען פון וועמענס קאָרע עס ווערט גענומען קאַסיע=צימערינג.

cas'sia *n.* (קעש'-יע) קאַסיע=צימערינג [אַזאַ זאָרט צימערינג אָדער קאַנייל].

cas'sia-bark *n.* (קעש'-יע-באַרק) קאַ=סיע=צימערינג.

cas'sia-buds *n.* (קעש'-יע-באַדז) די פרוכט פון דער קאַסיע=פלאַנצע.

cas'sia-oil *n.* (קעש'-יע-איל) צימערינג=אויל, וואָס ווערט געמאַכט פון דער קאַ=סיע=פלאַנצע.

cas'sia-pulp *n.* (קעש'-יע-פּאַלפּ) דאָס פלייש פון דער קאַסיע=פלאַנצע [ווערט געברויכט אַלס אָבפיהרונגס=מיטעל].

cassid'eous *a.* (קע-סיד'-אי-אַס) וואָס איז עהנליך צו א פאַנצער=היטעל [אַזעל=כע פלאַנצען=בלעטער].

cas'simere *n.* (קעס'-אי-מיר) קאַזימיר [אַזאַ וואָלען=שטאָף פאַר מענער=קליי=דער].

cassine' *n.* (קע-סין') א קליינע דאָרפי=שע הייזעל; א הייזעל וועלכע שטעהט אַליין אויפ'ן פעלד.

Cassin'ian *a. and n.* (קע-סינ'-אי-ען) וואָס איז שייך צו איינעם וואָס שטאַמט פון דער איטאַליענער=פראַנצויזישער פאַ=מיליע קאַסיני [האָט אַרויסגעגעבען פיער דורות בעקאַנטע אַסטראָנאָמען]; א קאַסיני.

cassi'no *n.* (קע-סי'-נאָ) אַזאַ קאַרטען=שפּיעל.

Cassiope'ia *n.* (קעס-אי-אָ-פּי'-יאַ) מזל בתולה [אין דער אַלטער אַסטראָנאָמיע].

cas'sock *n.* (קעס'-אָק) א מאַנטעל פון א גייסטליכען; א ברייטער מיליטער=מאַנטעל.

cas'socked *a.* (קעס'-אָקט) אָנגעטהאָן אין א מאַנטעל פון א גייסטליכען אָדער אין א מיליטער=מאַנטעל.

cas'solette *n.* (קעס'-אָ-לעט) א קעסטעל צו האַלטען פּאַרפיומען.

cas'sowary *n.* (קעס'-אָ-הווע-רי) אַזאַ מין גרויסער שטרויס פויגעל אין אויסטראַ=ליען [ער צייכענט זיך אויס מיט זיין בעזאָנדערס שנעלען לויפען].

Cassowary

cast *v., a. and n.* (קעסט) 1. וואַרפען; אוועקוואַרפען; פערוואַרפען; 2. ווענדען, ריכטען [א בליק]; 3. גיסען [אין א פאָרם]; שמעלצען; 4. צוטיילען די ראָלען פון א פּיעסע צווישען די אַקטיאָרען; 5. מפּיל זיין; 6. אויסרעכענען; פּראָיעק=טירען; 7. נאָכדענקען; נייגען, איינבוי=גען [א שיף]; 8. זוכען די שפּור פון חיות ביי יאַגד; 9. אוועקגעוואָרפען [אַלס אַן אונניצליכע זאַך]; פערדאַמט; 10. דאָס וואַרפען; א וואָרף; 11. א בליק, א וואָרף מיט'ן אויג; 12. א לייכטער אָנוואָורף פון פאַרב, א לייכטע שאַטירונג פון פאַרב; 13. אַן אויסגעגאָסענער פאָרם, אַן אָבדרוק פון א פאָרם; א שטעמפּעל; א פאָרם צום אָבגיסען מעטאַל=זאַכען; 14. א כאַראַקטער אָדער כאַראַקטעריסטיק; 15. א פּאַרציאָן [פוטער פאַר בהמות]; א פּאָר, עטליכע; א געוויסע פּאַרציאָן וואַ=סער ביי ביער=ברויען; 16. א מינע, מאַ=ניער, מאָדע.

1. The boys **cast** stones at the birds. 2. **Cast** your eyes to heaven and pray. 3. The workmen **cast** iron into the mould. 4. The manager **cast** the parts of the "Merchant of Venice." 6. Let us **cast** how to accomplish it. 11. She has a **cast** in her eye which disfigures her appearance. 12. The painting has a **cast** of blue. 15. Carry a **cast** of hay to the horses.

cast a bal'lot (קעסט ע בעל'-אָט) וואַר=פען א גאָלקע אין שטימ=קאַסטען; אָבגע=בען א שטימע.

cast about' (קעסט ע-באַוט') נאָכ=טראַכטען, איבערלעגען זיך, זוכען אַן עצה.
He will have to **cast about** for a way out of his troubles.

cast a brand upon' (קעסט ע ברענד אַ-פּאָן') בראַנדמאַרקען; שטעלען צום שאַנד=קלאָץ.

cast a damp (קעסט ע דעמפּ) אָבשלאַ=גען די פליגלען.

cast an'chor (קעסט ענ'-קאָר) וואַרפען דעם אַנקער [פון א שיף].

cas'tanet *n.* (קעס'-טע-נעט) א קאַס=טאַניעט [אַזאַ מין שפּאַנישער מוזיק=אינסטרומענט וואָס בעשטעהט פון צוויי קליינע פּלאַטען פון האָלץ אָדער ביין].

cast a shad'ow (קעסט ע שעד'-או) וואַרפען א שאָטען.

cast aside' (קעסט ע-סאַיד') אוועק=וואַרפען אַלס אַן אונניציגע זאַך.



Castanet

cast away' (קעסט ע-הוויי') אָבוואַרפען, פערוואַרפען; אוועקוואַרפען; מאַכען צו גאָרנישט, אונניצליך מאַכען; שטראַנדען, אונטערגעהן [ווענען א שיף].

castaway' *n. and a.* (קעסט-ע-הוויי') א ווערטהלאָזער אָדער פערוואָרפענער מענש; אַן אויסוואָורף; אַן אוועקגעוואָרפענער; אַן אוועקגעוואָרפענע זאַך; אוועקגעוואָר=פען, רואינירט, צובראָכען.

cast back (קעסט בעק) זיך דערמאָנען דאָס פערגאַנגענע, זיך ווענדען צו אַלטע זכרונות; אַרויסווייזען אַן עהנליכקייט צו אור=עלטערען.

cast behind' (קעסט בי-האַינד') אונבע=אַכטעט לאָזען, אוועקוואַרפען.
The garbage was **cast behind** the fence.

cast beyond' the moon (קעסט בי-יאָנד טהי מוהן) זיך אַריינלאָזען אין ווילדע השערות.

cast by (קעסט באַי) פערוואַרפען, אָב=וואַרפען.

cast down (קעסט דאון) נידערוואַרפען; ערנידעריגען, דעמיטיגען.

caste *n.* (קעסט) א קאַסטע, א שטאַנד אדער קלאַס מענשען וועלכע האַלטען זיך אבגעזונדערט פון די אַנדערע; א שטאַנד אדער קלאַס מענשען, וועלכע זיינען אויס־געטיילט פון די אַנדערע מיט זייער רייכ־קייט, טיטול, פּראָפעסיאָן אדער פּריווי־לעגיעם.

cas'tellan *n.* (קעס'-טע-לען) א קאַמאַנ־דיר אדער אויפזעהער פון א שלאָס.

cas'tellany *n.* (קעס'-טע-לע-ני) דאָס לאַנד פון א שלאָס; דאָס אַמט פון א שלאָס־אויפזעהער אדער א קאַמאַנדיר.

cas'tellar *a.* (קעס'-טע-לער) וואָס איז שייך אדער בעלאַנגט צו א שלאָס.

cas'tellate *n.* (קעס'-טע-לייט) דאָס לאַנד און די רעכטען פון א שלאָס.

cas'tellated *a.* (קעס'-טע-ליי-טעד) ארומגעבויט מיט שוץ־ווענד ווי א שלאָס; וואָס איז געבויט ווי א שלאָס.

castella'tion *n.* (קעס-טע-ליי'-שאָן) דאָס בעפעסטיגען א הויז ווי א שלאָס אדער מאַכען עס זאָל אויסזעהן ווי א שלאָס.

cas'telry *n.* (קעס'-טעל-רי) די רעכטען פון א שלאָס־בעזיצער; דאָס לאַנד וואָס געהערט צו א שלאָס.

cas'ter *n.* (קעס'-טער) א וואַרפער; א רעכנער; איינער וואָס טיילט איין די ראָ־לען פון א פּיעסע צווישען אַקטיאָרען; א רעדעל פון מעבעל־פיסלעך; א פלעשעל וואָס האָט א דעקעל מיט לעכלעך [בענוצט פאַר זאַלץ, פעפער אדער אַנדערע געוויר־צען וועלכע ווערען געגעבען צום טיש].

cast forth (קעסט פאָרטה) ארויסוואַר־פען; .ארויסלאָזען [ווי א פלאַנצע לאָזט ארויס וואָרצלען].

cast'-gate *n.* (קעסט'-גייט) דער קאַנאַל דורך וועלכען דאָס געשמאָלצענע מעטאַל ווערט אריינגעגאָסען אין פורם.

cast'-horse *n.* (קעסט'-האָרס) אן אב־גענוצטער און אויסגעאַרבייטער פערד.

cas'tigate *v.* (קעס'-טי-גייט) בעשטראָ־פען; אבשמייסען; אויס'מוסר'ען.

castiga'tion *n.* (קעס-טי-גיי'-שאָן) דאָס בעשטראָפען; דאָס אבשמייסען; דאָס אויס'מוסר'ען.

cas'tigator *n.* (קעס'-טי-גיי-טאָר) א בעשטראָפער, אן אויסבעסערער, אן אויס'־מוסר'ער.

cas'tigatory *a.* (קעס'-טי-גיי-טאָ-רי) וואָס איז שייך צום בעשטראָפען אדער אויסצו'מוסר'ען.

Cas'tile soap (קעס'-טיל סאָופּ) קאַס־טיליאַנישע זייף.

Castil'ian *a. and n.* (קעס-טיל'-יען) וואָס איז שייך צו קאַסטיליען [דאָס אַמאָ־ליגע קעניגרייך אין שפּאַניען, וועלכע איז איצט געטיילט אין אַלט און ניי קאַסטי־ליען]; א קאַסטיליאַנער.

cas'ting *n.* (קעס'-טינג) דאָס גיסען [פון מעטאַלען]; דאָס גוס־שטיק; א פּלאַן, א פּראָיעקט; דאָס וואַרפען.

cas'ting-box *n.* (קעס'-טינג-באָקס) אין גיסערייען — די כלי וואו מען האַלט דאָס געשמאָלצענע מעטאַל.

cas'ting-la'dle *n.* (קעס'-טינג-ליידל) אזא גרויסע אייזערנע לעפעל וואָס ווערט געברויכט ביים גיסען מעטאַל.

cas'ting-net *n.* (קעס'-טינג-נעט) א וואַרף־נעץ [אזא נעץ צום פאַנגען פיש, וועלכער ווערט לאַנג ניט געהאַלטען אין וואַסער, נאָר ער ווערט ארויסגעצויגען גלייך ווי ער איז געוואָרפען געוואָרען].

cas'ting-pit *n.* (קעס'-טינג-פּיט) דער פּלאַץ אין אן אייזען־גיסעריי וואו די פאָ־רעמס צום גיסען געפינען זיך.

cas'ting-pot *n.* (קעס'-טינג-פּאָט) א טי־געל, א שמעלץ־טאָפּ [פאַר מעטאַלען].

cas'ting-press *n.* (קעס'-טינג-פּרעס) אזא פּרעס אין א גיסעריי פאַר מעטאַלען וועלכע ווערען געשמאָלצען אונטער א גע־וויסען דרוק.

cas'tings *n.* (קעס'-טינגז) גוס־שטיקער [זאַכען וואָס זיינען געמאַכט פון גוס־אייזען].

cas'ting-slab *n.* (קעס'-טינג-סלעב) די פּלאַטע פון א טיש וואָס ווערט געברויכט אין גלאָז־פאַבריקען צום גיסען גלאָז־פּלאַ־טען.

cas'ting-ta'ble *n.* (קעס'-טינג-טייבל) אזא טיש אין גלאָז־פאַבריקען אויף וועל־כען עס ווערען געגאָסען גלאָז־פּלאַטען.

cas'ting-vote *n.* (קעס'-טינג-וואָוט) די ענטשיידענדע שטימע [די שטימע פון דעם פאָרזיצענדען וועלכער ענטשיידעט אויף א פערזאַמלונג אדער אין א געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט, ווען די שטימען פאַר און געגען זיינען צוטיילט גלייך אויף גלייך].

cas'ting-weight *n.* (קעס'-טינג-הווייט) דאָס געוויכט וואָס ציהט אראָב די וואָג־שאָל, א הכרעה.

cast in one's lot with (קעסט אין הוואַנז לאָט הוויטה) טיילען דעם גורל [שיקזאַל].

cast in the teeth of (קעסט אין טהי טיעטה אוו) דערלאַנגען א גאַב [טאַדלען, אויסזידלען].

cast'-i'ron *n. and a.* (קעסט'-אי'-ערן) טשוגון, גוס־אייזען; געמאַכט פון גוס־איי־זען.

cast'-i'ron facts (קעסט'-אי'-ערן פעקטס) אייזערנע פאַקטען [פאַקטען וועל־כע מען קען ניט אבלייקענען].

cast'-knit'ting *n.* (קעסט'-ניט'-אינג) אזא מין שטריקעריי אדער העקעל־אַרבייט וואו די אויגלעך ווערען אנגעהויבען פון דער לינקער זייט.

cas'tle *n. and v.* (קעסל) א שלאָס, א פעסטונגס־פּלאַץ; דער טורעם אדער ראָך אין שאָך־שפּיעל; ראָכירען [אומשטעלען דעם קעניג מיט'ן טורעם אין שאָך־שפּיעל].



Castle

cas'tle-buil'der *n.* (קעסל'-ביל'-דער) איינער וואָס בויט לופט־שלעסער, א פאַנ־טאַזיאָר, א טרוימער.

cas'tle-buil'ding *n.* (קעסל'-ביל'-דינג) דאָס בויען לופט־שלעסער, דאָס פאַנטאַזי־רען, טרוימען.

cas'tled *a.* (קעסלד) וואָס האָט א שלאָס [וועגען א פּלאַץ].

cas'tle-ditch *n.* (קעסל'-דיטש) א גראַ־בען ארום א שלאָס.

cas'tle-guard *n.* (קעסל'-גאַרד) די שלאָס־וואַך [די היטער]; שטייער צו ער־האַלטען די שלאָס־וואַך.

cas'tle in the air (קעסל אין טהי עהר) א לופט־שלאָס.

cas'tlery *n.* (קעסל'-רי) ז. *castelry*.

cas'tle-stead *n.* (קעסל'-סטעד) א שלאָס און די ארומיגע געביידען וועלכע געהע־רען צו איהם.

cas'tlet *n.* (קעס'-לעט) א קליינער שלאָס.

cas'tle-ward *n.* (קעסל'-הוואַהרד) ז. *castle-guard*.

cas'tlewick *n.* (קעסל'-הוויק) דאָס לאַנד וואָס געהערט צו א שלאָס.

cast light (קעסט לאַיט) בעלייכטען, וואַרפען א ליכט, קלאָר מאַכען.
I want to cast light on the subject.

cast lots (קעסט לאָטס) וואַרפען גורל.

cast of char'acters (קעסט אוו קער'-עק-טערז) די פערטיילונג פון די ראָלען אין א פּיעסע.

cast of dra'pery (קעסט אוו דריי'-פּע-רי) די פאָרם פון פאַלטען אין געוואַנד.

cast'-off *a.* (קעסט'-אָף) אבגעוואָרפען, אבגעלעגט אן א זייט; בעשטימונג פון דעם פּלאַץ פון דרוק־זאַץ; אן אבגענוצ־טע זאַך.

cast off (קעסט אָף) אבּ־וועקוואַרפען; אבּ־בינדען א שיף פון איהר פּלאַץ און זי לאָזען געהן; פערענדיגען און פערפעסטי־גען די לעצטע אויגלעך אין שטריקען; אין דרוקעריי — בעשטימען דעם פּלאַץ וואָס א שטיק זאַץ דאַרף פערנעהמען, כדי עס זאָל זיך קענען אריינשטעלען וואו עס איז נויטיג.

cast off cop'y (קעסט אָף קאָפּ'-אי) אויסרעכענען די צאָהל ווערטער אין א מאַנוסקריפּט, כדי צו וויסען וואָס פאַר א פּלאַץ עס וועט פאַרנעהמען אין דרוק.

cast of green (קעסט אוו גריען) א שאַטירונג פון גרין [א פאַרב וואָס פאַלט אריין אין גרין].

cast of pe'riods (קעסט אוו פּי'-רי-אָדז) דער בוי פון די פּעריאָדען אין אן אויפזאַץ [לויט די גראַמאַטיקאַלישע כּללים].

cast of the eye (קעסט אוו טהי אי) א וואַרף מיט'ן אויג; א לייכטער קרומער קוק.

cast of verse (קעסט אוו וואירס) דער פערזען־בוי [אין דיכטונג].

cast on (קעסט אָן) צוריקווייזען, ענטזאָ־גען; אנפאַנגען מאַכען אויגלעך אין שטרי־קעריי.

cas'tor *n.* (קעס'-טאָר) א ביבער; א ביבער־היטעל; א זייד־הוט; קאַסטאָר־טוך [א דיקער וואָלען־שטאָף פאַר מאַנטלען] געמאַכט פון ביבער־פעל; אזא רויט־ברוינ־ליכער שמעקענדיגער שטאָף וועלכען מען בעקומט פון א געוויסען טייל פון דער ביבער־הויט [ווערט בענוצט אין פאַר־פיום]; אזא מינעראַל.

Cas'tor and Pol'lux (קעס'-טאָר ענד פּאָל'-אָקס) דער צווילינג קאַסטאָר און פּאָלוקס, די צוויי זיהן פון דעם גאָט יופּי־טער וועלכע לעדא האָט איהם געבאָרען [אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע]; מזל תאומים [אין אַסטראָנאָמיע]; בוזעם־פריינד.

cas'tor-beans *n.* (קעס'-טאר-ביענז) די ציִנוס־בעבליך [פון וועלכע עס ווערט גע־מאכט ריצִנוס־אויל].

casto'reum *n.* (קעס-טאָ'-רי-אם) אזא רויט־ברוינליכער, שמעקעדיגער שטאף, וועלכען מען בעקומט פון א געוויסען טייל פון דער ביבער־הויט וואס ווערט געטרי־קענט און בענוצט אין פארפיום.

cas'tor-hat *n.* (קעס'-טאר-העט) א בי־בער־הוט.

castor'ic *a.* (קעס-טאר'-איק) וואס איז שייך צו דעם רויט־ברוינליכען שטאף וואס ווערט גענומען פון א געוויסען טייל פון דער ביבער־הויט פאר פארפיום.

Castori'na *n.* (קעס-טא-ראי'-נע) די חיות וועלכע געהערען צו דעם ביבער־מין.

cas'torine *n.* (קעס'-טא-רין) אזא זארט סאמעט.

cas'torite *n.* (קעס'-טא-ראיט) אזא מינע־ראל וואס ענטהאלט אין זיך אלומיניום און ליטיום.

cas'tor-oil *n.* (קעס'-טאר-איל) ריצִנוס־אויל.

cas'tor-oil plant (קעס'-טאר-איל פלענט) די ריצִנוס־אויל־פלאנצע.

Castor-oil Plant

cast out (קעסט אוט) צוריקווייזען, פער־ווארפען; ארויסטרעטען מיט'ן לשון; דערלאנגען א גאב.

castrameta'tion *n.* (קעס-טרע-מי-טיי'-שאן) דאס אויפשטעלען א לאגער פאר מיליטער; דער פלאן פון א לאגער.

cas'trate *v., a. and n.* (קעס'-טרייט) קאסטרירען, מסרס זיין, מאכען פאר א סריס; פערקריפלען, צוקאליעטשען, אבטוי־טען; קאסטרירט [געמאכט פאר א סריס]; א סריס, יעוונוך.

cas'trater *n.* (קעס'-טריי-טער) איינער וואס איז מסרס.

castra'tion *n.* (קעס-טריי'-שאן) דאס מסרס זיין.

castra'to *n.* (קעס-טרא'-טאו) א קאס־טראט [א מאנספערזאן וועלכען מען האט מסרס געווען אין דער פריהער יוגענד כדי זיין שטימע (סאפראנא) זאל זיך ניט ענדערען].

cast'-shad'ow *n.* (קעסט'-שעד'-או) די שאטען־שאטירונגען פון א בילד כדי דעם געמאהלענעם געגענשטאנד בולט'ער צו מא־כען.

cast'-steel *n.* (קעסט'-סטיעל) גוס־שטאהל.

cast the bal'ance (קעסט טהי בעל'-ענס) אראבציהען די וואגשאל.

cast the coat (קעסט טהי קאוט) זיך ענדערען.

cast the dra'peries (קעסט טהי דריי'-פער-איז) צייכענען די פאלטען פון די קליידער פון א פיגור; אנוואַרפען די הויפט־ליניען פון א בילד.

cast up (קעסט אפ) אויס־בערעכענען, אויסרעכענען; טאדלען, פאר־ווירפע מאכען; דערהויבען, אויפשטייגען.

cast upon' (קעסט א-פאן') זיך בעצוי־הען, נעהמען אין בעצוג.

cas'ual *a. and n.* (קעזש'-יו-על) 1. צו־פעליג, געלעגענטליך; 2. א פערזאן וואס בעקומט שוץ פאר א נאכט אין אן ארבייטס־הויז אדער פאליציי־הויז; איי־נער וואס בעקומט הילף אין א האספיטאל אין אן אונגליקס־פאל; אן ארבייטער וואס ווערט ניט רעגעלמעסיג בעשעפטיגט.

1. He made a casual remark.

casual'ity *n.* (קעזש-יו-על'-אי-טי) דאס זיין צופעליג.

cas'ually *adv.* (קעזש'-יו-על-אי) דורך א צופאל, צופעליגערווייזע.

I became acquainted with him casually.

cas'ualness *n.* (קעזש'-יו-על-נעס) די צופעליגקייט; דער צופאל. ז. *casuality*

cas'ualty *n.* (קעזש'-יו-על-טי) אן אונ־גליקס־פאל [וואס איז פערבונדען מיט פערוואונדונג אדער טויט].

There were many casualties in that battle.

cas'ualty insur'ance (קעזש'-יו-על-טי אינ-שור'-ענס) אונפאל־פערזיכערונג [די פערזיכערונג פון אונגליקספעלע ווי פערוואונדונג אדער טויט].

cas'ual wards (קעזש'-יו-על וואהרדז) א נאכט־אזיל, אן אויפהאלטונגס־ארט פאר מענשען אהן א היים.

cas'uist *n.* (קעזש'-יו-איסט) א קאזו־איסט, א בעל מפלפל, א סאפיסט; איינער וואס ענטשיידעט פראגען וועגען מאראל אדער גוטער אויפפיהרונג.

casuis'tic *a.* (קעזש-יו-איס'-טיק) קא־זואיסטיש, פלפול'דיג, סאפיסטיש; וואס איז שייך צו געוויסענס־פראגען.

casuis'tical *a.* (קעזש-יו-איס'-טיק-על) ז. *casuistic*

casuis'tics *n.* (קעזש-יו-איס'-טיקס) קאזואיסטיק, פלפול, סאפיזם; די ענט־שיידונג פון געוויסענס־פראגען אדער פרא־גען פון מאראל בנוגע צו די פרינציפען פון גוט און שלעכט.

cas'uistry *n.* (קעזש'-יו-איסט-רי) ז. *casuistics*

cas'ula *n.* (קעס'-או-לא) אזא גלח'שער מאנטעל.

ca'sus bel'li (קיי'-סאס בעל'-אי) די אורזאכע פון א מלחמה.

cat *n. and v.* (קעט) א קאץ; א פרוי א רכילות'ניצע; דער קאץ־פיש; דער אוי־בערשטער האקען פון א שיף־אנקער; קא־צען־הונד שפיעל; אזא שמאלע און טיע־פע שיף; ווארפען דעם אנקער פון א שיף ביז צו זיין אויבערשטען האקען; פאנגען קאץ־פיש.

catabap'tist *n.* (קעט-ע-בעפ'-טיסט) א געגנער פון באפטיזם [א געוויסע רעפארם־ריכטונג אין קריסטענטום].

catab'asis *n.* (קעט-עב'-ע-סיס) דאס געהן אראב, דאס זינקען.

catabat'ic *a.* (קעט-ע-בעט'-איק) בים־לעכווייז ארונטערגעהענדיג.

catabol'ic *a.* (קעט-ע-באל'-איק) וואס איז עהנליך אדער נוגע צו קאטאבאליזם. ז. *catabolism*

catab'olism *n.* (קע-טעב'-א-ליזם) קא־טאבאליזם, די רייה ענדערונגען, וועלכע קומען פאר אין א צעלע אדער ארגאניזם, ביי וועלכע דער לעבענס־שטאף אדער די פראטאפלאזמע זינקט אראב אויף דער שטופע פון אבפאל־שטאפען. ז. *metabolism*

catacaus'tic *n. and a.* (קעט-ע-קאהס'-טיק) אזא קרומע ליניע וואס בילדעט זיך ביי דער רעפלעקציאן [צוריקווארפונג] פון ליכט־שטראהלען; וואס איז שייך צו דער ליניע וועלכע ווערט געבילדעט דורך דער רעפלעקציאן פון ליכט־שטראהלען.

catachre'sis *n.* (קעט-ע-קרי'-סיס) א פאלשער מליצה'דיגער אויסדרוק, אדער א פאלשע פערבינדונג פון ווערטער [צ. ב. טרינקען פון אן עלעפאנט־ביין הארן, וועל־גערען מיט א גלעזערנעם וואלגער־האלץ א. ז. וו.]; דאס בענוצען א ווארט פאלש מאכענדיג א טעות אין דער ריכטיגער אב־שטאמונג פון דיזען ווארט.

catachres'tic *a.* (קעט-ע-קרעס'-טיק) וואס ענטהאלט פאלשע אדער ווייטלויפיגע אויסדריקע. ז. *catachresis*

catachres'tical *a.* (קעט-ע-קרעס'-טי-קעל) ז. *catachrestic*

catachres'tically *adv.* (קעט-ע-קרעס-טי-קעל-אי) ז. *catachrestic*

catachthon'ic *a.* (קעט-עק-טהאנ'-איק) וואס געפינט זיך אונטער דער אויבערפלע־כע פון דער ערד; אונטער־אירדיש.

cat'aclysm *n.* (קעט'-ע-קליזם) אן ערד־קאטאסטראפע דורך וועלכע מען ערקלערט די געוויסע געאלאגישע ענדערונגען אויף דעם ערד־קוגעל; א פלעצליכע קאטאסטרא־פע, וואס מאכט א חורבן.

cataclys'mal *a.* (קעט-ע-קליז'-מעל) וואס איז נוגע צו דער טעאריע פון קא־טאסטראפען אין געאלאגיע.

cataclysmat'ic *a.* (קעט-ע-קליז-מעט'-איק) ז. *cataclysmal*

cataclys'mic *a.* (קעט-ע-קליז'-מיק) ז. *cataclysmal*

cataclys'mist *n.* (קעט-ע-קליז'-מיסט) איינער וואס האלט פון דער טהעאריע אז די ענדערונגען אויף דעם ערד־קוגעל זיינען געקומען פון קאטאסטראפען.

cat'acomb *n.* (קעט'-ע-קאום) א קאטא־קאמבע, א הייל פון קברים.

catacous'tics *n.* (קעט-ע-קוס'-טיקס) דער טייל פון אקוסטיק אין פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעפלעקציאן [אבקלאנג, ווידערהאל, עכא] פון קלאנ־גען.

catadiop'tric *a.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טריק) וואס איז שייך צו דער רעפלעקטי־רונג [צוריקווארפונג] און ברעכונג פון ליכט־שטראהלען.

catadiop'trical *a.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טרי-קעל) ז. *catadioptric*

catadiop'trics *n.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טריקס) דער טייל פון אפטיק, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט דער רעפלעקטירונג [צוריקווארפונג] און ברעכונג פון ליכט־שטראהלען.

cat'adrome *n.* (קעט'-ע-דראום) א הייב־מאשין וועלכע ווערט גענוצט ביים בויען הייזער; א פיש וואס שווימט אראב אין ים ארויסצולאזען פון זיך די רייגען [איק־רא].

catad'romous *a.* (קע-טעד'-רא-מאס) וואס שווימט אראב [וועגען געוויסע פיש וועלכע שווימען ארויס פון די טייכען אין ים ארויסצולאזען פון זיך די רייגען [איק־רא].

cat'afalque *n.* (קעט'-ע-פעלק) א קאטא־פאלק, די מטה אויף וועלכער א טויטער ווערט געלעגט, א טויטען־וואגען.

catagmat'ic *a. and n.* (קעט-עג-מעט'-איק) וואס האט די אייגענשאפט צו פערהיילען צובראכענע ביינער פון קערפער; א מיטעל וואס קען פערהיילען צובראכענע ביינער [אין דער מעדיצין].

catagmat'ical *a.* (קעט-עג-מעט'-אי-קעל) וואס קען פערהיילען צובראכענע ביינער.

Cat'alan *n. and a.* (קעט'-ע-לען) א געבארענער פון קאטאלאניען [א געוויסע פראווינץ אין שפאניען]; די קאטאלאנישע שפראך; וואס איז שייך צו קאטאלאניען.

catalec'tic *a.* (קעט-ע-לעק'-טיק) פעהלענדיג [א זילבע צווי אויסצופילען די מאס פון א פערז]; אזא פערז.

catalep'sis *n.* (קעט-ע-לעפ'-סיס) אזא היסטערישע קראנקהייט, וואס איז פערבונדען מיט קרעמפפען [קאנוואולסיעס].

cat'alepsy *n.* (קעט'-ע-לעפ-סי) קאטאלעפסיע [אזא היסטערישע קראנקהייט וואס איז פערבונדען מיט קרעמפפען אדער קאנוואולסיעס].

catalep'tic *a.* (קעט-ע-לעפ'-טיק) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו דער קראנקהייט קאטאלעפסיע. ז. **catalepsy**

catalex'is *n.* (קעט-ע-לעק'-סיס) די אונפאלשטענדיגקייט פון דער מאס אין דער ענד פון א פערז; די אונפאלשטענדיגקייט פון דער מאס אין א פערז [אין דיכטונג].

cat'alogue *n. and v.* (קעט'-ע-לאג) א קאטאלאג; פערצייכנים; מאכען א קאטאלאג, אריינטראגען אין א קאטאלאג.

cat'aloguer *n.* (קעט'-ע-לאג-ער) איינער וואס שטעלט צונויף קאטאלאגען.

Catal'pa *n.* (קע-טעל'-פא) א מין קליינע אמעריקאנער בוימער וועלכע האבען גרויסע בלעטער און גרויסע בליהונג.

catal'ysis *n.* (קע-טעל'-אי-סיס) א כעמישע ענדערונג, וואס ווערט פעראורזאכט דורך אן עלעמענט, וועלכער בלייבט אליין אונפערענדערט; די כעמישע ווירקונג דורך בעריהרונג.

catalyt'ic *a.* (קעט-ע-ליט'-איק) וואס פעראורזאכט א כעמישע ענדערונג. בלייבענדיג אליין אונפערענדערט [ווענען געוויסע כעמישע עלעמענטען]. ז. **catalysis**

catalyt'ical *a.* (קעט-ע-ליט'-אי-קעל) ז. **catalytic**

catamaran' *n.* (קעט-ע-מע-רען') א טראפט; א שפאציער-שיפעל; א פליט [פון באלקענס].

catame'nia *n.* (קעט-ע-מי'-ני-ע) די מאנאטליכע רעגעל פון פרויען [נידה].

catame'nial *a.* (קעט-ע-מי'-ני-על) וואס איז שייך צו דער מאנאטליכער רעגעל פון פרויען.

cat'amite *n.* (קעט'-ע-מאיט) א אינגעל וואס ווערט געהאלטען פאר משכב זכור, פערדראסטיע [אוננאטירליכער געשלעכטס-פערקעהר].

cat'amount *n.* (קעט'-ע-מאונט) א בערג-קאץ, א ווילדע קאץ; א לעמפערט.

catamoun'tain *n.* (קעט-ע-מאונ'-טען) ז. **catamount**

catanad'romous *a.* (קעט-ע-נעד'-רא-מאס) וואס געהען רעגעלמעסיג איבער פון ים-וואסער צו טייך-וואסער און אומגעקעהרט [ווענען געוויסע זארטען פיש].

cat'-and-dog' *a. and n.* (קעט'-ענד-דאג') 1. וואס רייסען זיך ווי א קאץ מיט א הונד; 2. קאצען-הונד [אזא שפיעל].
1. Some couples lead a **cat-and-dog** life.

catan'dromous *a.* (קע-טענ'-דרא-מאס) ז. **catanadromous**

cat'apasm *n.* (קעט'-ע-פעזם) שטרוי-פולווער [אזא טרוקענער פולווער וואס מען פלעגט א מאל בענוצען פאר מעדיצינישע צוועקען].

catapha'sia *n.* (קעט-ע-פיי'-זשיא) אזא קראנקהייט וועלכע דריקט זיך אויס אין שטערונגען אין דער שפראך דורך דעם וואס דער קראנקער ווידערהאלט איין ווארט עטליכע מאל.

cataphon'ic *a.* (קעט-ע-פאנ'-איק) וואס קומט פון אן אבקלאנג, ווידערהאל, עכא; וואס איז שייך צו אן אבקלאנג.

cataphon'ics *n.* (קעט-ע-פאנ'-איקס) ז. **catacoustics**

cataph'ora *n.* (קע-טעפ'-א-רא) אזא מין לעטארגישער שלאף [הינהער-פלעגט].

cataphor'ic *a.* (קעט-ע-פאר'-איק) וואס האט די קראפט צו בעוועגען [ווענען אן עלעקטרישען שטראם].

cat'aphract *n. and a.* (קעט'-ע-פרעקט) אזא פארצייטיגער שופען-פאנצער; דער פאנצער פון געוויסע פיש אדער חיות, ווי פון א טשערעפאכע א. ד. ג.; ארומגעצאמט, בעשיצט.

Cataphrac'ta *n.* (קעט-ע-פרעק'-טא) דער מין פאנצער-טהיערע [די יעניגע חיות און פיש וואס האבען אויף זיך אזא פאנצער-ארטיגען צודעק].

cat'aphracted *a.* (קעט'-ע-פרעק-טעד) וואס איז בעדעקט מיט א פאנצער [ביי חיות].

cataphrac'ti *n.* (קעט-ע-פרעק'-טאי) פאנצער-טרעגער [די יעניגע סאלדאטען אין אלטען רוים, וואס פלעגען טראגען פאנצערס].

Cataphrac'ti *n.* (קעט-ע-פרעק'-טאי) די מינים פיש וואס האבען א פאנצער-ארטיגע בעדעקונג.

cataphrac'tic *a.* (קעט-ע-פרעק'-טיק) ווי מיט א פאנצער; ענהליך צו א פאנצער.

cataphys'ic *a.* (קעט-ע-פיז'-איק) וואס איז געגען דער נאטור.

cataphys'ical *a.* (קעט-ע-פיז'-אי-קעל) ז. **cataphysic**

cat'aplasm *n.* (קעט'-ע-פלעזם) א ווייכער פלאסטער, א ווייכער אומשלאג.

cat'aplexy *n.* (קעט'-ע-פלעק-סי) א פלעצליכער נערוועו-שלאג וואס פאראליזירט.

cat'apult *n.* (קעט'-ע-פאלט) א פארצייטיגע ווארף-מאשינע פאר שטיינער, שפיזען א. ד. ג., בענוצט פאר די צוועקען פון מלחמה.

Catapult

catapul'tic *a.* (קעט-ע-פאל'-טיק) וואס איז שייך צו א ווארף-מאשין.

catapultier' *n.* (קעט-ע-פאל-טיער') איינער וואס ווארפט שטיינער אדער שפיזען מיט א ווארף-מאשין.

cat'aract *n.* (קעט'-ע-רעקט) וואסערפאל; די גרויע שטאר [אזא אויגען-קראנקהייט].

catarac'tous *a.* (קעט-ע-רעק'-טאס) וואס איז שייך צו דער גרויער שטאר [אזא אויגען-קראנקהייט].

catarrh' *n.* (קע-טאר') קאטער; האלז- אדער נאז-קאטער.

catarrh'al *a.* (קע-טאר'-על) וואס איז שייך צו קאטער.

catarrh'eous *a.* (קע-טאר'-אי-אס) ז. **catarrhal**

Catarrhi'na *n.* (קעט-ע-ראי'-נא) דער מין חיות צו וועלכע עס געהערען א געוויסע זארט אפען [מאלפעס] ווי די גארילא, שימפאנזע, אוראנג א. ד. ג.

Catarrhi'ni *n.* (קעט-ע-ראי'-נאי) ז. **Catarrhina**

catarrh'ish *a.* (קע-טאר'-איש) ז. **catarrhal**

catarrh'ous *a.* (קע-טאר'-אס) ז. **catarrhal**

catastal'tic *a.* (קעט-ע-סטעל'-טיק) וואס האלט אב, וואס ציהט צונויף, וואס שטילט דאס לויפען פון בלוט [אין דער מעדיצין].

catas'tasis *n.* (קע-טעס'-טע-סיס) דער טייל פון א רעדע וואו דער רעדנער גיט איבער פאקטען אין אזא בעלייכטונג וואס זאל געווינען די מיינונג פון די הערער פאר דער זאך וואס ער פערטיידיגט; די פערוויקלונג פון דער געשיכטע [אין די אלטע גריכישע דראמען]; די בעשאפענהייט אדער צושטאנד פון קערפער.

catas'terism *n.* (קע-טעס'-טע-ריזם) א קאטאלאג [א פערצייכנים] פון די הימעלשטערען.

catas'trophe *n.* (קע-טעס'-טרא-פי) 1. א קאטאסטראפע, א חורבן, אן איבערקעהרעניש; אן אונגליק; 2. די פונאנדערוויקלונג און צוזאמענשטויס פון די פאסירונגען אין דעם שלוס פון א דראמא.
1. Here was a mighty revolution; the most horrible **catastrophe** that nature ever yet saw. 2. The **catastrophe** of the last act in the play is very stirring.

catastroph'ic *a.* (קעט-עס-טראפ'-איק) וואס איז שייך אדער ענהליך צו א קאטאסטראפע.

catas'trophism *n.* (קע-טעס'-טרא-פיזם) די טעאריע, וועלכע בעהויפטעט, אז די געאלאגישע ענדערונגען פון דעם ערדקוגעל זיינען געקומען דורך קאטאסטראפען.

catas'trophist *n.* (קע-טעס'-טרא-פיסט) איינער וואס האלט פון דער טעאריע פון געאלאגישע קאטאסטראפען. ז. **catastrophism**

Cataw'ba *n.* (קע-טאה'-בע) אזא מין אמעריקאנער רויטליכע וויינטרויבען; דער וויין וואס איז געמאכט פון דיזע וויינטרויבען.

cat'-bird *n.* (קעט'-בוירד) דער קאץ-פויגעל [אזא קאלירטער אמעריקאנער פויגעל, דאס קעפעל און דער עק שווארץ און דער הינטערשטער טייל פון בייכעל רויטליך. זיין שרייען איז ענהליך צו דעם מיאוקען פון א קאץ].


Cat-bird

cat'-boat *n.* (קעט'-באוט) אזא שיפעל.

cat'call *v. and n.* (קעט'־קאהל) מיאוקען ווי א קאץ; א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס מאכט נאך דאס מיאוקען פון א קאץ; א קאצען־געשריי.

catch *v. and n.* (קעטש) 1. פאנגען, כאפען; 2. אנגרייפען, אננעהמען; 3. זיך אנשטעקען מיט א קראנקהייט; 4. דאס כאפען, דאס אנגרייפען, דאס פאנגען; 5. א פאנג; דער פיש פאנג.

3. In the spring one is apt to **catch** cold easily. 5. The fishermen had a lucky **catch**.

catch'able *a.* (קעטש'־עבל) וואס קען געכאפט ווערען.

catch a cold (קעטש ע קאולד) זיך פערקיהלען.

catch a glimpse of (קעטש ע גלימפס אוו) כאפען א קוק.

Let us **catch a glimpse of** the city's show places.

catch'-all *n.* (קעטש'־אהל) א זאך וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען; א קארב אדער זאך וואו מען האלט פערשיעדענע זאכען.

catch a per'son's eye (קעטש ע פויר'־סאנז אי) ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אימעצען.

catch at (קעטש עט) כאפען זיך פאר [עפעס], צוטרעפען פונקט די צייט; זיך פארטשעפען אין [עפעס]; זיך צוטשעפען.

catch a Ta'tar (קעטש ע טא'־טאר) כאפען א קאזאק [כאפען אזעלכען וואס לאזט זיך ניט נעהמען].

catch'-drain *n.* (קעטש'־דריין) א רינע אבצופיהרען דאס וואסער פון א פלאץ.

catch'er *n.* (קעטש'־ער) א כאפער.

catch'-fart *n.* (קעטש'־פארט) א לאקיי.

catch'-fee'der *n.* (קעטש'־פיע'־דער) א גרובען פאר בעוואסערונג פון לאנד.

catch flies (קעטש פלאיז) פליעגען; פוילענצען, פטר'ען צייט אויף נארנישט; שטעהן ווי א ליימענער גולם.

catch'-fly *n.* (קעטש'־פלאי) די פעדנעלקע [א מין פלאנצע וועלכע זוינט אייז אין זיך קליינע פליעגען און אינזעקטען און ערנעהרט זיך פון זיי].

catch'-hook *n.* (קעטש'־הוק) אזא אייזען־שטאנג מיט א קרוק וועלכער ווערט בענוצט ביים פאבריצירען גרויסע אייזערנע רעהרען.

catch'ing *a.* (קעטש'־אינג) 1. פאקענד, אנציהענד, בעצויבערענד; 2. אנשטעקענד [וועגען א קראנקהייט].

1. He sang a **catching** melody. 2. Measles is a **catching** disease.

catch it (קעטש איט) כאפען א גנב.

catch it hot (קעטש איט האט) קריגען גוט אנגעזידעלט, כאפען א גנב.

catch'-land *n.* (קעטש'־לענד) לאנד וואס איז ניט גענוי בעשטימט וועמען עס געהערט.

catch'-line *n.* (קעטש'־לאין) א קורצע שורה פון קלענערען שריפט צווישען צוויי לאנגע שורות פון גרעסערען שריפט; א שלום שורה.

catch'-match *n.* (קעטש'־מעטש) אן אבמאך וואס ווערט געשלאסען אין האסט, ביי וועלכען איין צד נארט זיך.

catch'-mead'ow *n.* (קעטש'־מעד'־או) א לאנקע וואס ווערט בעוואסערט פון א בארג־קוואל אדער טייכעל.

catch'ment *n.* (קעטש'־מענט) די אבציהונג פון וואסער [פון א פלאץ].

catch'ment-ba'sin *n.* (קעטש'־מענט בייסין) דער פלאץ פון וואנען דאס וואסער ווערט אבגעצויגען אין א טייך.

catch of a door (קעטש אוו ע דאור) א קליאמקע, א גריף פון א טהיר.

catch of a lock (קעטש אוו ע לאק) דאס צינגעל פון א שלאס.

catch on (קעטש אן) זיך אנכאפען, זיך אנהאלטען; בעגרייפען.

Be careful how you **catch on** to a moving car.

catch one a blow (קעטש הוואן ע בלאו) אריינוואַרפען איינעם א פאטש.

catch one on the hip (קעטש הוואן אן טהי היפ) בעקומען די איבערמאכט איבער אימעצען; כאפען א שוואכערען פון זיך.

catch one's breath (קעטש הוואנז ברעטה) כאפען דעם אטעם.

catch one's death (קעטש הוואנז דעטה) געהן אויף א זיכערען טויט.

catch on to (קעטש אן טו) בעגרייפען.

After a few more illustrations the students were able to **catch on to** the thought of the lecturer.

catch'penny *n. and a.* (קעטש'־פעני) א בילינער ארטיקעל וואס ווערט אויסגעפוצט און אויסגעשטעלט צו כאפען קונים, א זאך וואס ווערט אויסגעשטעלט צוצוציהען קויפער; געמאכט צו פערדיענען געלד.

catch'pole *n.* (קעטש'־פאול) א כאפשטאנג [אזא וואפען געברויכט אין מיטעל־אלטער צו כאפען די אנטלאפענע פון פיינד]; א שטייער־זאמלער; א פאליציי־בעאמטער וואס ארעסטירט פאר ניט צאהלען שולדען.

catch'up *n.* (קעטש'־אפ) אזא געדיכטע זופ געמאכט פון טאמאטען [פאמידארען], צוקער, סאדע און אנדערע געווירצען.

catch up (קעטש אפ) א וועקכאפען; א הויב געבען; זיך א הויב טהאן; שנעל בעגרייפען; דעריאגען.

In spite of his sickness he was able to **catch up** with his work.

catch'water *n.* (קעטש'־הוואה־טער) קינסטליכע בעוואסערונג פון לאנד. *catchwork* ז.

catch'weed *n.* (קעטש'־הוויעד) קלעפקרויט [א מין קלעפיגער גראז].

catch'word *n.* (קעטש'־הווארד) 1. א פאקענד ווארט [א ווארט אדער שפרוך וואס דער גרויסער עולם כאפט עס אויף]; 2. א שטיך־ווארט [אין א טעאטער־שטיק דאס ווארט, מיט וועלכען איין אקטיאר ענדיגט ריידען און דער אנדערער דארף אנפאנגען]; 3. א לאזונגס־ווארט פון א פארטיי.

3. "Good government" is the **catchword** of municipal reformers.

catch'work *n.* (קעטש'־הווירק) די קינסטליכע בעוואסערונג פון לאנד דורך געגראבענע קאנאלען פון דערבייאיגע בערג.

catch'y *a.* (קעטש'־אי) פאקענד, אנציהענד, רייצענד.

catechet'ic *a.* (קעט־אי־קעט'־איק) וואס בעשטעהט פון פראגע און אנטווארט [אזא אונטערריכטס־מעטאדע].

catechet'ical *a.* (קעט־אי־קעט'־אי־קעל) *catechetic* ז.

catechet'ically *adv.* (קעט־אי־קעט'־אי־קעל־אי) אין דער פארם פון פראגע און אנטווארט, דורך פראגע און אנטווארט.

catechet'ics *n.* (קעט־אי־קעט'־איקס) די מעטאדע פון אונטערריכט דורך פראגע און אנטווארט.

catechisa'tion *n.* (קעט־אי־קי־זיי'־שאן) דאס עקזאמענירען דורך פראגען; דאס אונטעררריכטען דורך פראגע און אנטווארט.

cat'echise *v.* (קעט'־אי־קאיז) *catechize* ז.

cat'echism *n.* (קעט'־אי־קיזם) א קאטעכיזם, אן עלעמענטאר־בוך צום לערנען רעליגיאן אין דער פארם פון פראגע און אנטווארט; אן עלעמענטאר־בוך וואו עס זיינען פערצייכענט די פרינציפען פון וועלכע עס איז וויסענשאפט אדער לעהרע; די מעטאדע פון אונטעררריכטען דורך פראגע און אנטווארט.

catechis'mal *a.* (קעט־אי־קיז'־מעל) וואס איז שייך צו א קאטעכיזם; וואס איז אין דעם סטיל פון א קאטעכיזם. *catechism* ז.

cat'echist *n.* (קעט'־אי־קיסט) איינער וועלכער אונטערריכטעט מיט דער מעטאדע פון פראגע און אנטווארט; א רעליגיאנס־לעהרע לויט'ן קאטעכיזם.

catechis'tic *a.* (קעט־אי־קיס'־טיק) וואס איז נוגע צו א קאטעכיזם; וואס האט דעם כאראקטער פון א קאטעכיזם.

catechis'tical *a.* (קעט־אי־קיס'־טי־קעל) *catechistic* ז.

catechis'tically *adv.* (קעט־אי־קיס־טי־קעל־אי) דורך פראגע און אנטווארט; אויף דעם אופן פון א קאטעכיזם.

catechiza'tion *n.* (קעט־אי־קי־זיי'־שאן) דאס עקזאמענירען דורך פראגען; דאס אונטערריכטען דורך פראגע און אנטווארט.

cat'echize *v.* (קעט'־אי־קאיז) אונטערריכטען דורך דער מעטאדע פון פראגע און אנטווארט, הויפטזעכליך די אונטערריכט פון דער קריסטליכער רעליגיאן אין דיעזער פארם; עקזאמענירען דורך פראגען.

cat'echizer *n.* (קעט'־אי־קאי־זער) איינער וואס אונטערריכטעט דורך פראגע און אנטווארט, בעזאנדערס די ערשטע עלעמענטען פון דער קריסטליכער רעליגיאן.

cat'echu *n.* (קעט'־אי־טשו) א נאמען פון פערשיעדענע עקסטראקטען וועלכע ווערען געמאכט פון דער קארע און פרוכטען פון פערשיעדענע פלאנצען.

catechu'men *n.* (קעט־אי־קיו'־מען) איינער וואס פאנגט אן זיך בעקענען מיט די ערשטע כללים פון וועלכע עס איז וויסענשאפט, רעליגיאן אדער לעהרע; אן אנפאנגער.

catechu'menal *a.* (קעט־אי־קיו'־מע־נעל) וואס איז שייך צו אן אנפאנגער. *catechumen* ז.

catechu'menate *n.* (קעט־אי־קיו'־מע־נייט) דאס אנפאנגען לערנען די ערשטע כללים פון רעליגיאן; דאס אנפאנגען בעקענען זיך מיט די ערשטע פרינציפען פון א וויסענשאפט אדער לעהרע.

catechumen'ical *a.* (קעט־אי־קיו־מענ'־אי־קעל) *catechumenal* ז.

categor'ical *a.* (קעט־אי־גאר'־אי־קעל) 1 קאטעגאריש, קורץ און שארף, בעשטימט, אונבעדינגט, אויסדריקליך, דורכאויס; 2. וואס בעלאנגט צו א געוויסע קאטעגאריע, אבטיילונג, מין.

1. The judge demanded a **categorical** answer to his question.

categor'ically *adv.* (קעט־אי־גאר'־אי־קעל־אי) אויף א קאטעגארישען אופן; אויסדריקליך, אונבעדינגט, דורכאויס, בעשטימט.

categor'icalness *n.* (קעט-אי-גאר'-אי-קעל-נעס) ענטשלאסענע בעשטימטהייט; דאס זיין קאטעגאריש.

cat'egories of Ar'istotle (קעט'-אי-גא-ריז אוו ער'-איס-טאטל) די צעהן קאטעגאריעס אין דער פילאזאפיע פון אריסטאטל [וועלכע זיינען: שטאף (חומר), קוואנטיטעט (כמות), קוואליטעט (איכות), שייכות, ארט, צייט, צושטאנד, בעזיץ, ווירקונג, ערגעגונג אדער ליידענשאפט].

cat'egorist *n.* (קעט'-אי-גא-ריסט) איינער וואס טיילט איין אין קאטעגאריען.

cat'egory *n.* (קעט'-אי-גא-רי) א קאטעגאריע, א גאטונג, א מין, אן אבטיילונג; אן אלגעמיינער לאגישער בעגריף.

catelec'trode *n.* (קעט-אי-לעק'-טראוד) דער נעגאטיווער פאל פון א וואלטאשע עלעקטרישע באטעריי.

cate'na *n.* (קע-טי'-נע) א קייט.

catena'rian *a.* (קעט-אי-ניי'-רי-ען) ווי א קייט.

cat'enary *n. and a.* (קעט'-אי-ניי-רי) די געבויגענע ליניע וואס עס בילדעט זיך ווען מען האלט א קייט פאר ביידע ענדען ניט אנציהענדיג זיי; עהנליך צו א קייט.

cat'enate *v.* (קעט'-אי-נייט) צונויפקייטלען, צונויפבינדען ווי די רינגעלעך פון א קייט.

catena'tion *n.* (קעט-אי-ניי'-שאן) דאס צונויפקייטלען, דאס צונויפבינדען די רינגעלעך פון א קייט; די פערבינדונג פון איינצעלנע טיילען; א צונויפבינדונג.

caten'ulate *a.* (קע-טען'-יו-לייט) וואס בעשטעהט פון רינגעלעך ווי א קייט.

ca'ter *v. and n.* (קיי'-טער) 1. צושטעלען, בעזארגען, שאפען לעבענס מיטעל, צושטעלען שפייז; 2. שניידען שרעג, באלכסון, ווי א דיאגאנאל; 3. א פירטעל [א קארט אדער א שפיל-ווירפעל מיט פיער פונקטען].

1. He caters for the best hotels.

ca'ter-cor'nered *a.* (קיי'-טער-קאר'-נערד) געשטעלט שרעג, באלכסון, דיאגאנאל-פערמיג.

ca'ter-cous'in *n.* (קיי'-טער-קאזן) אן אינטימער פריינד.

ca'ter-cous'inship *n.* (קיי'-טער-קאזנ'-שיפ) אינטימע פריינדשאפט.

ca'terer *n.* (קיי'-טער-ער) א שפייז-פערזארגער, איינער וואס שטעלט צו שפייז; א צושטעלער פון פערשיעדענע בעדירפניסע.

ca'teress *n.* (קיי'-טער-עס) א פרוי וואס שטעלט צו שפייז; א שפייז-פערזארגערין.

cat'erpillar *n.* (קעט'-ער-פיל-ער) די לארווע, דער ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער אן אינזעקט, ווי א זומער-פויגעלע אדער שמעטערלינג א. ד. ג.

cat'erpillar-catch'er *n.* (קעט'-ער-פיל-ער-קעטש'-ער) שמעטערלינג כאפער [א זא פויגעל].

cat'erpillar-hun'ter *n.* (קעט'-ער-פיל-ער-האנ'-טער) ז. *caterpillar-catcher*.

cat'erwaul *v.* (קעט'-ער-וואהל) מיאוקען ווי א קאץ; מאכען א קאצען-מוזיק.

cat'erwauling *n.* (קעט'-ער-וואהל-אינג) קאצען-געשריי, קאצען-מוזיק.

cat'-eyed *a.* (קעט'-איד) וואס האט קעצישע אויגען.

cat'fish *n.* (קעט'-פיש) דער קאץ-פיש [א זא פיש וואס ווען מען נעהמט איהם ארויס פון וואסער לאזט ער ארויס א געשריי וואס איז עהנליך צו דעם מיאוקען פון א קאץ].

Catfish

cat'-foot *n.* (קעט'-פוט) א קאצען-פוס, א פוס וואס איז עהנליך צו א קאצען-פוס.

cat'-foot'ed *a.* (קעט'-פוט-עד) וואס האט פיס עהנליך צו די ווי פון א קאץ; שטיל, אהן א גערויש.

cat'gut *n.* (קעט'-גאט) סטרונעס אדער שטריק געמאכט פון די קישקעס פון שעפסען אדער אנדערע חיות.

cat'gut-scra'per *n.* (קעט'-גאט-סקריי'-פער) א פידעל-קראצער, א מכלומר'שטדיגער פידלער.

cath'arism *n.* (קעטה'-ע-ריזם) דאס ריין מאכען א פלעכע דורך כעמישע מיטעל.

Cath'arist *n.* (קעטה'-ע-ריסט) איינער וואס בעשטרעבט צו מעהר ריינקייט אלס אנדערע בעזיצען עס; א פוריטאנער.

cathariza'tion *n.* (קעטה-ע-רי-זיי'-שאן) דאס ריייניגען, דאס מאכען כעמיש ריין.

cath'arize *v.* (קעטה'-ע-ראיז) מאכען פאלשטענדיג ריין.

cathar'ma *n.* (קע-טהאר'-מא) דרעק, צאה.

cathar'sis *n.* (קע-טהאר'-סיס) די אבריייניגונג, די אבפיהרונג [בעזאנדערס דורך אן אבפיהר-מיטעל].

cathar'tic *a. and n.* (קע-טהאר'-טיק) ריייניגענד; אן אבריייניגונגס מיטעל, אבפיהרונגס מיטעל.

cathar'tical *a.* (קע-טהאר'-טי-קעל) ריייניגענד; וואס פיהרט אב.

cathar'tically *adv.* (קע-טהאר'-טי-קעל-אי) דורך אבריייניגונג, דורך אבפיהרונג.

cathar'ticalness *n.* (קע-טהאר'-טי-קעל-נעס) אבריייניגונג, אבפיהרונג.

cat'-head *n.* (קעט'-העד) אן אייזערנער באלקען אין פאדערשטען טייל פון שיף אויף וועלכען מען הויבט אויף דעם אנקער.

cat'head *v.* (קעט'-העד) אנבינדען דעם אנקער צום אנקער-באלקען.

cath'edra *n.* (קעטה'-אי-דרא) קאטהעדער, דער שטול פון א בישאף אין א קאטהעדראל-קירך; דער שטול פון א פראפעסאר אין אן אוניווערזיטעט.

cathe'dral *n.* (קע-טהי'-דרעל) קאטהעדראלע, די קירך פון א בישאף.

cathedral'ic *a.* (קעטה-אי-דרעל'-איק) וואס איז שייך צו א קאטהעדראל-קירך.

cath'eter *n.* (קעטה'-ע-טער) א קאטהעטער [א מעדיצינישער אינסטרומענט צום אבציהען אורין (השתנה) ווען עס געהט ניט אב אויפ'ן נאטירליכען וועג].

cath'eterism *n.* (קעטה'-ע-טער-איזם) דאס בענוצען א קאטהעטער. ז. *catheter*.

catheteriza'tion *n.* (קעטה-ע-טער-אי-זיי'-שאן) דאס ארייינשטעלען א קאטהעטער. ז. *catheter*.

cath'eterize *v.* (קעטה'-ע-טער-איז) זיך בענוצען מיט א קאטהעטער. ז. *catheter*.

cath'odal *a.* (קעטה'-א-דעל) וואס איז שייך צו א קאטהאדע. ז. *cathode*.

cath'ode *n.* (קעטה'-אוד) א קאטהאדע [דער נעגאטיווער פאל פון אן עלעקטרישער באטאריי אדער פון אן עלעקטרישען שטראם].

cath'ode pho'tograph (קעטה'-אוד פאו'-טא-גרעף) ז. *cathodograph*.

cath'ode rays (קעטה'-אוד רייז) קאטהאדען שטראהלען [אזעלכע עלעקטרישע שטראהלען וואס לייכטען ווי פאספאר. זיי ווערען געשאפען אין א לופט אויסגעפומפטען רעהרעל דורך א געוויסען עלעקטרישען שטראם].

cathod'ic *a.* (קע-טהאד'-איק) וואס איז שייך צו א קאטהאדע. ז. *cathode*.

cathod'ograph *n.* (קע-טהאד'-א-גרעף) א פאטאגראפיע וואס ווערט גענומען דורך רענטגען [X] שטראהלען.

cath'olic *a.* (קעטה'-א-ליק) 1. אלוועלטליך; אלעם אומפאסענד, אלעם ארומנעהמענדיג; 2. פריי פון פאראורטיילע; ברייט-הערציג; אלעם בעגרייפענד.

2. He is catholic in his sympathies.

Cath'olic *a. and n.* (קעטה'-א-ליק) קאטויליש; א קאטויליק.

Cathol'icise *v.* (קע-טהאל'-אי-סאיז) בעקעהרען אדער איבערגעהען צום קאטוילישען גלויבען.

Cathol'icism *n.* (קע-טהאל'-אי-סיזם) קאטוילעציזם, קאטוילישע אמונה.

catholic'ity *n.* (קעטה-א-ליס'-אי-טי) אלגעמיינהייט · אלוועלטליכקייט

Catholicity of taste is the highest mark of culture.

Cathol'icize *v.* (קע-טהאל'-אי-סאיז) בעקעהרען אדער איבערגעהען צום קאטוילישען גלויבען.

cath'olicness *n.* (קעטה'-א-ליק-נעס) די אלגעמיינהייט, די אלוועלטליכקייט.

cat'-hook *n.* (קעט'-הוק) דער קרוק אדער האקען פון דעם אנקער-באלקען אויף א שיף צו וועלכען דער אנקער ווערט בעפעסטיגט.

cath'oscope *n.* (קעטה'-א-סקאופ) א מאשין צו צייגען רענטגען [X] שטראהלען.

cat-ice *n.* (קעט-איס) א גאנץ דינער אייז אויף א וואסער.

cat'ion *n.* (קעט'-אי-אן) קאטיאן [די עלעקטרישע טיילכעלעך וואס זאמלען זיך ביי עלעקטרא-כעמישע פראצעסען ארום דעם נעגאטיווען פאל].

cat'kin *n.* (קעט'-קין) די קאצען-בלום; די צווייטע אונפרוכטבארע בליהונג פון געוויסע ביימער.

cat'-lap *n.* (קעט'-לעפ) אן ארעם געטראנק [וואס פאסט פאר קעץ]; טהעע-געטראנק.

cat'-like *a.* (קעט'-לאיק) ווי א קאץ; זיך אונטער'גנב'ענענדיג; אין דער שטיל.

The woman was of a cat-like disposition.

cat'ling *n.* (קעט'-לינג) א קעצעלע.

cat'linite *n.* (קעט'-לי-נאיט) א זא רוייטער שטיין וועלכער ווערט בענוצט פון די אינדיאנער אין אמעריקא צו מאכען לולקעס [פייפקעס].

cat'mint *n.* (קעט'-מינט) א זא שמעקעדיגער גראז.

cat'-nap *n.* (קעט'-נעפ) א דרעמעל, א קורצער לייכטער שלאף.

cat'nip *n.* (קעט'-ניפ) ז. *catmint*.

cat-o'-moun'tain *n.* (קעט-א-מאונ'-טיין) די בערג-קאץ, א מין טיגער.

cat-o'-nine'-tails *n.* (קעט-א-נאינ'-טײלז) אזא קאנטשוק מיט 9 לעדערנע לאקשען.
catop'ter *n.* (קע-טאפ'-טער) א גלאז וואס רעפלעקטירט [ווארפט צוריק] די ליכט-שטראהלען; א שפיגעל; א שפיגעל פון א דאקטאר צו אונטערזוכען קראנקע.
catop'tric *a.* (קע-טאפ'-טריק) וואס איז שייך צו רעפלעקטירטעס ליכט [דאס ליכט וואס ווערט צוריקגעווארפען פון א שפיגעל].
catop'trical *a.* (קע-טאפ'-טרי-קעל) ז. ***catoptric***.
catop'trically *adv.* (קע-טאפ'-טרי-קעל-אי) דורך רעפלעקציאן [פון ליכט שטראהלען].
catop'trics *n.* (קע-טאפ'-טריקס) שפיגעל-לעהרע [דער טייל פון אפטיק אין פיזיק וועלכע ערקלערט די איינגעשאפטען פון רעפלעקטירטען (צוריקגעווארפענעם) ליכט, בעזאנדערס פון שפיגלען און פאלירטע גענענשטענדע].
catop'tromancy *n.* (קע-טאפ'-טרא-מען-סי) א מין כשוף אין פארצייטיגע יאהרען וואס פלעגט געמאכט ווערען פאר א קראנקען דורך אריינשטעלען א שפיגעל אין וואסער צו זעהן דעם קראנקענס געזונט אין איהם.
catop'tron *n.* (קע-טאפ'-טראן) ז. ***catopter***.
cat'-owl *n.* (קעט'-אול) א געוויסע נאכט-פויגעל [נאכט-אוילע] וועלכע האט א געזיכט עהנליך צו א קאץ.
cat'-pipe *n.* (קעט'-פאיפ) ז. ***catcall***.
cat'-salt *n.* (קעט'-סאהלט) אזא זארט זאלץ וואס מען געברויכט ביים מאכען זייף.
cat's'-cra'dle *n.* (קעטס'-קריידל) אב-נעהמעניש, עטעל-בעטעל [אזא קינדער-שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס איינער מאכט אוים פון א פאדים א געוויסע סימעטרישע פיגור וועלכע ער האלט אויף ביידע הענד און דער צווייטער נעהמט זי אראב מיט זיינע ביידע הענד ענדערענדיג זי אויף אן אנדערע סימעטרישע פיגור].
cat's'-ear *n.* (קעטס'-איער) דאס קאצען-אויער [אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער זיינען עהנליך צו קאצען-אויערען].
cat's'-eye *n.* (קעטס'-אי) אזא זארט זעהר הארטער קווארץ וואס האט א געלבליכען שימער.
cat'-shark *n.* (קעט'-שארק) אזא האי-פיש אין די וואסערען פון קאליפארניען [אמעריקא].
cat's'-head *n.* (קעטס'-העד) אזא זארט גרויסער עפעל.
cat'-sil'ver *n.* (קעט'-סיל'-ווער) קאצען-זילבער, זילבער-גלימער [אזא מינעראל].
Cats'kill Moun'tains (קעטס'-קיל מאונ'-טיינז) די קעטסקיל בערג אין אמעריקא.
cat'skin *n.* (קעט'-סקין) קאצען-פעל.
cat's'-meat *n.* (קעטס'-מיעט) פלייש-אבפאל [פאר קעץ און הינד].
cat's'-milk *n.* (קעטס'-מילק) אזא פלאנצע.
cat's'-paw *n.* (קעטס'-פאה) א נאר אלס ווערקצייג אין די הענד פון אנדערע.
He foolishly became a cat's-paw of the conspirators.
cat's'-purr *n.* (קעטס'-פויר) דאס מיאוקען פון א קאץ; א מין בריפען אין ברוסט ווי דאס מיאוקען פון א קאץ [אלס א ברוסט-קראנקהייט].

cat'-squir'rel *n.* (קעט'-סקהוואר'-על) אזא זארט וועווערקע.
cat's'-tail *n.* (קעטס'-טייל) אזא מין גראז.
cat'-stop'per *n.* (קעט'-סטאפ'-ער) א שטריק אדער קייט צוצובינדען דעם אנקער צום אנקער-באלקען. ז. ***cat-head***.
cat'sup *n.* (קעט'-סאפ) ז. ***catchup***.
cat'-tail *n.* (קעט'-טייל) דער אינערליכער טייל פון אנקער-באלקען אויף א שיף.
cat'tail *n.* (קעט'-טייל) ז. ***cat's-tail***.
cat'tish *a.* (קעט'-איש) ווי א קאץ.
cat'tle *n.* (קעטל) פיה, רינד-פיה.
cat'tle-fair *n.* (קעטל'-פעהר) פיה-מארק.
cat'tle-fee'der *n.* (קעטל'-פיע'-דער) אזא פארריכטונג צו פערטיילען פוטער פאר בהמות אין זייערע קאריטעס אין א רעגולערער גלייכער מאס.
cat'tle-guard *n.* (קעטל'-גארד) אזא פארריכטונג צו שיצען בהמות, אז זיי זאלען ניט ארויף אויף אן אייזענבאהן-וועג.
cat'tle-pen *n.* (קעטל'-פען) אן ארט וואו מען שפארט איין בהמות.
cat'tle-plague *n.* (קעטל'-פלייג) רינדער-פעסט [א געוויסע פיה-קראנקהייט].
cat'tle-range *n.* (קעטל'-ריינדזש) אן אפענער, ניט ארומגעצאמטער פלאץ וואו בהמות קענען ארומגעהן און זיך פיטערען.
cat'tle-run *n.* (קעטל'-ראן) א גרויסער פיטערונגס-פלאץ פאר בהמות.
cat'tle-show *n.* (קעטל'-שאו) אן אויסשטעלונג פון בהמות.
cat'tle-stall *n.* (קעטל'-סטאהל) אזא פארריכטונג אנצובינדען בהמות צו דער קאריטע.
cat'ty *n.* (קעט'-אי) אזא כינעזישע געוויכט פון אן ערך איין פונט מיט א דריטעל.
Cauca'sian *n. and a.* (קאה-קיי'-זשיען) וואס איז שייך צו קאווקאז; וואס איז שייך צו דער ווייסער מענשען-ראסע [די קאווקאזישע ראסע]; די ווייסע מענשען-ראסע.
Cau'casus *n.* (קאה'-קע-סאס) קאווקאז.
cau'cus *n. and v.* (קאה'-קאס) א לאקאלע געשלאסענע פארפערזאמלונג פון א פאליטישע פארטיי צו נאמינירען קאנדידאטען פאר וואהלען אדער עמטער [צו אזא פערזאמלונג ווערען נור צוגעלאזען בעקאנטע מיטגליעדער]; א געשלאסענע פערזאמלונג פון די פיהרער פון א פארטיי אין קאנגרעס [אמעריקאנער פארלאמענט] אדער אין די אנדערע געזעצגעבענדע אנשטאלטען; א פארפערזאמלונג פון די פערוואלטער און אנדערע פעראינטערעסירטע פערזאנען אין א געשעפט; אבהאלטען א פארפערזאמלונג.
cau'da *n.* (קאה'-דא) אן עק אדער עטוואס עהנליכעס צו אן עק.
cau'dad *adv.* (קאה'-דעד) אין דער ריכטונג פון עק, צום עק צו.
cau'dal *a.* (קאה'-דעל) וואס געהערט צום עק; וואס איז עהנליך צו אן עק; וואס איז אין דער ריכטונג פון עק.
cau'dal fin (קאה'-דעל פין) די עק-פלוס-פעדערען פון א פיש.
cau'dally *adv.* (קאה'-דעל-אי) צום עק צו.
cau'date *a.* (קאה'-דייט) וואס האט אן עק.
cau'dated *a.* (קאה'-דיי-טעד) ז. ***caudate***.
cauda'tion *n.* (קאה-דיי'-שאן) דאס האבען אן עק.

cau'dex *n.* (קאה'-דעקס) דער שטאם פון א בוים; דער שטאם פון א פאלמען-בוים; א צווייג פון א בוים אויף וועלכען עס וואקסען קליינע צווייגעלעך.
cau'diduct *v.* (קאה'-די-דאקט) ציהען צוריק, ציהען צום עק צו.
cau'dle *n. and v.* (קאהדל) קראפט-זופ [אזא קרעפטיגענדע זופ וועלכע ווערט געקאכט פאר קראנקע]; קראפט-זופ קאכען.
cau'dle-cup *n.* (קאה'דל-קאפ) אזא כלי אין וועלכער מען האלט קראפט-זופ.
caudotib'ial *a.* (קאה-דא-טיב'-אי-על) וואס בעפעסטיגט דעם עק צום קערפער.
cauf *n.* (קאהף) א פיש-קאסטען [א קאסטען מיט וואסער צו האלטען לעבעדיגע פיש].
caught (קאהט) געכאפט, געפאנגען, זיך אנגעשטעקט. ז. ***catch***.
cauk *n.* (קאהק) קרייד; דער פאדערשטער שארף פון א פערדישע פאדקאווע.
cau'ker *n.* (קאה'-קער) א ביסעל ספּיריטוס צום אויסטרינקען; א גרויסער ליגען; דער פאדערשטער שארף פון א פערדישע פאדקאווע.
cau'king *n.* (קאה'-קינג) אזא שלוס-פוגע וואס פערבינדעט צוויי האלץ-שטיקער.


Cauking

caul *n.* (קאהל) א נעץ, א האר-נעץ [וואס פרויען טראגען צו האלטען אין ארדנונג די האר]; א קאפ-מיצקע; די הויט אין בויך וועלכע נעהמט ארום די געדערים; א געבורט הייבעלע [אזא הויט וואס בעדעקט דעם קאפ ביי אנדערע קינדער ווען זיי ווערען געבארען].
cauld'rife *a.* (קאהלד'-ראיף) קיהל, קאלט.
caul'dron *n.* (קאהל'-דראן) ז. ***caldron***.
caules'cent *a.* (קאה-לעס'-ענט) וואס האט א שטאם איבער דער ערד [ביי פלאנצען].
cau'licle *n.* (קאה'-ליקל) א קליינער שטאם פון א פלאנצע [אים אנפאנג שפּראצונג פון דער זריעה].
caulic'olus *a.* (קאה-ליק'-א-לאס) וואס וואקסט אויף א שטאם.
caulif'erous *a.* (קאה-ליפ'-ע-ראס) ז. ***caulescent***.
cau'liflower *n.* (קאה'-לי-פלאו-ער) בלומען-קרויט.
cau'liform *a.* (קאה'-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א פלאנצען-שטאם אדער פלאנצען-שטענגעל.
cau'linar *a.* (קאה'-לי-נער) ז. ***cauline***.
cau'linary *a.* (קאה'-לי-נע-רי) וואס בעלאנגט צום פלאנצען-שטאם אדער פלאנצען-שטענגעל.
cau'line *a.* (קאה'-לין) וואס וואקסט אויף א פלאנצען-שטאם אדער פלאנצען-שטענגעל; וואס איז שייך צו א פלאנצען-שטאם.
caulk *v.* (קאהק) ז. ***calk***.
caul'ker *n.* (קאה'-קער) ז. ***calker***.
caul'king *n.* (קאה'-קינג) ז. ***calking***.
cau'lome *n.* (קאה'-לאם) דער שטאם פון א פלאנצע.
caun'ter *n.* (קאהנ'-טער) א לאדונג אין קויהלען אדער ערץ-גריבער [מינען] וואס ווערט געפיהרט ניט מיט דעם זעלביגען וועג, אויף וועלכען די געוועהנליכע הויפּט-לאדונגען ווערען געפיהרט.

caun'ter-lode *n.* (קאהנ'-טער-לאוד) ז. *caunter*

Cau'rus *n.* (קאה'-ראס) דער נארד־וועסט ווינד וועלכער איז אין איטאליען זעהר שטורמדיג.

cau'sable *a.* (קאה'-זעבל) וואס קען פעראורזאכט ווערען; אויספיהרבאר; וואס קען פערווירקליכט ווערען.

cau'sal *a.* and *n.* (קאה'-זעל) 1. וואס פעראורזאכט; וואס איז אן אורזאכע; וואס בריינגט רעזולטאטען; וואס האט א ווירקונג; וואס איז שייך צו אן אורזאכע; 2. א פראזע [אין גראמאטיק] וואס דריקט אויס אן אורזאכע.

1. There is a **causal** relation between virtue and happiness. 2. The sentence has a **causal** clause.

cau'sal defini'tion (קאה'-זעל-דעפ-אי-ניש'-אן) אן ערקלערונג וואס דריקט אויס די אורזאכע, וועלכע פאדערט זיך פאר דער עקזיסטענץ פון א געוויסען געגענשטאנד.

causal'gia *n.* (קאה-זעל'-דזשי-א) א ברענענדער ווערטאג.

causal'ity *n.* (קאה-זעל'-אי-טי) דאס וואס בילדעט אן אורזאכע; די ווירקונג פון אן אורזאכע; די בעציהונגען צווישען אורזאכע און ווירקונג, דער צוזאמענהאנג פון אורזאכע און ווירקונג.

cau'sally *adv.* (קאה'-זעל-אי) אין בע־צוג צו אן אורזאכע; דורך דעם צוזאמענ־האנג פון אורזאכע און ווירקונג.

cau'salty *n.* (קאה'-זעל-טי) די ערד־שיכטע אויף ערץ [רויהע מעטאלען] וואס ווערט אראבגענומען דורך וואשען.

causa'tion *n.* (קאה-זיי'-שאן) דאס פער־אורזאכען; דער צוזאמענהאנג צווישען אורזאכע און ווירקונג.

causa'tionism *n.* (קאה-זיי'-שאנ-איזם) די טעאריע וועגען דעם צוזאמענהאנג צווי־שען אורזאכע און ווירקונג [דער פרינ־ציפ, אז יעדע פאסירונג מוז זיין א רע־זולטאט פון א פריהערדיגער פאסירונג וועלכע האט זי פעראורזאכט און וועל־כע האט געצוואונגען אז זי זאל קומען].

causa'tionist *n.* (קאה-זיי'-שאנ-איסט) איינער וואס איז אן אנהענגער פון דעם פרינציפ אין פילאזאפיע וועגען אורזאכע און ווירקונג. ז. *causation*

cau'sative *a.* and *n.* (קאה'-זע-טיוו) וואס ווירקט אלס אורזאכע; וואס איז אן אורזאכע; וואס פעראורזאכט; א צייט־ווארט אדער הויפט־ווארט [אין גראמא־טיק] וואס ערקלערט אן אורזאכע.

cau'satively *adv.* (קאה'-זע-טיוו-לי) דורך אן אורזאכע.

causativ'ity *n.* (קאה-זע-טיוו'-אי-טי) דאס האבען די אייגענשאפט צו ווירקען אלס אורזאכע.

cause *n.* and *v.* (קאהז) 1. אן אורזא־כע; א גרונד; 2. א געריכטס־פראצעס; א שטרייט אדער דיסקוסיאנס־זאך; 3. א גע־שעפט, אונטערנעהמונג; 4. אינטערעסע, גונסטען; 5. פעראורזאכען; צווינגען.

1. He has **cause** for complaint. 2. The court tries **causes**. 5. Blood-poison **caused** his untimely death.

cause'less *a.* (קאהז'-לעס) אהן אן אור־זאכע; גרונדלאז, אונבעגרינדעט.

cause'lessly *adv.* (קאהז'-לעס-לי) ז. *causeless*

cause'lessness *n.* (קאהז'-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין אורזאכע; דאס זיין גרונדלאז.

cause of ac'tion (קאהז אוו עק'-שאן) דער צושטאנד פון פאקטען וועלכע בע־רעכטיגען צו פערפיהרען א פראצעס.

cau'ser *n.* (קאה'-זער) דער פעראורזא־כער.

caus'erie *n.* (קאוז'-רי) אן אונטערהאל־טונגס־געשפרעך, א געמיטליכער שמועס, א פלוידערריי; א פרייע דיסקוסיאן.

causeuse' *n.* (קאו-זעז') א קליינע זא־פע, אויף וועלכער נור צוויי פערזאנען קענען זיצען.

cause'way *n.* and *v.* (קאהז'-הוויי) א שאסיי [א ברוקירטער וועג]; א טראטו־אר, א זייט־גאנג פון א גאס אדער וועג; מאכען א שאסיי; ברוקירען א גאס אדער וועג.

causid'ical *a.* (קאה-סיד'-אי-קעל) וואס איז שייך צו אן אדוואקאט.

caus'tic *a.* and *n.* (קאהס'-טיק) 1. ברע־נענד, וואס ברענט אויס [ווי געוויסע כע־מישע שטאפען]; 2. בייסענד, שארף, סאר־קאסטיש [ווי א קריטיק אדער וויץ]; 3. א ברענענדער אדער אויסברענענדער מיטעל; 4. א בייסענדע קריטיק; סאר־קאזם.

2. Never before was his humor so **caustic**.

caus'tical *a.* (קאהס'-טי-קעל) ברענענד; וואס ברענט אויס; בייסענד, סארקאס־טיש.

caus'tic al'cohol (קאהס'-טיק על'-קא-האל) א כעמישער פראדוקט וואס בע־שטעהט פון סאדא און אלקאהאל [ווערט בענוצט אין דער מעדיצין אלס אויסברע־נונגס מיטעל].

caus'tically *adv.* (קאהס'-טי-קעל-אי) אויף א בייסענדען אדער סארקאסטישען אופן.

caus'tic curve (קאהס'-טיק קוירוו) די ברען־ליניע [א מאטעמאטישער אויסדרוק פאר א בינטעל ליכט־שטראהלען, וועלכע טרעטען ארויס פון א פונקט און ווערען רעפלעקטירט (צוריקגעווארפען) פון א פלע־כע אדער פון א קרומער ליניע].

caustic'ity *n.* (קאהס-טיס'-אי-טי) די ברענענדע קראפט [פון געוויסע שטא־פען]; די אייגענשאפט צו זיין ברענענד; סארקאזם; שארפקייט, בייסיגקייט [פון א שפראך, קריטיק אדער וויץ].

caus'ticness *n.* (קאהס'-טיק-נעס) ז. *causticity*

caus'tic pot'ash (קאהס'-טיק פאט'-עש) פאטאש־הידראט [א כעמישער ווייסער הארטער און ברעכיגער שטאף וואס לעזט זיך לייכט אויף אין וואסער. ווערט בע־נוצט אין מעדיצין אלס אויסברענונגס מי־טעל. אין דער אינדוסטריע ווערט ער בע־נוצט ביים פאבריצירען זייף].

caus'tic so'da (קאהס'-טיק סאו'-דע) נאטריום־הידראט [א כעמישער ווייסער און ברענענדער שטאף, וועלכער האט די־זעלבע אייגענשאפטען ווי פאטאש־הידראט און ווערט אויך בענוצט אין דער פאב־ריקאציאן פון זייף].

caus'tify *v.* (קאהס'-טי-פאי) פערוואנד־לען אין א ברענענדען שטאף אדער מי־טעל.

cau'sus *n.* (קאה'-סאס) שטארקער פיבער.

cau'terant *n.* (קאה'-טער-ענט) א ברע־נענדער, אויסברענענדער שארפער שטאף [אין מעדיצין].

cauterisa'tion *n.* (קאה-טער-אי-זיי'-שאן) ז. *cauterization*

cau'terise *v.* (קאה'-טער-איז) ז. *cauterize*

cau'terism *n.* (קאה'-טער-איזם) דאס בענוצען אן אויסברענונגס־מיטעל.

cauteriza'tion *n.* (קאה-טער-אי-זיי'-שאן) דאס אויסברענען א וואונד מיט א הייסען אייזען אדער מעדיצין.

cau'terize *v.* (קאה'-טער-איז) אויס־ברענען א וואונד מיט א הייסען אייזען אדער מעדיצין.

cau'terizing-i'ron *n.* (קאה'-טער-איז-אינג-אי'-ערן) א ברען־אייזען [אויסצו־ברענען וואונדען].

cau'tery *n.* (קאה'-טער-אי) דאס אויס־ברענען א וואונד מיט א ברען־אייזען אדער מעדיצין; א ברען אייזען [צום אויסברע־נען וואונדען].

cau'tery-elec'trode *n.* (קאה'-טער-אי-אי-לעק'-טראוד) די דראטען פון אן עלעק־טרישע באטאריי וועלכע ווערט בענוצט צום אויסברענען וואונדען דורך עלעקטרי־ציטעט.

cau'ting-i'ron *n.* (קאה'-טינג-אי'-ערן) ז. *cauterizing-iron*

cau'tion *n.* and *v.* (קאה'-שאן) 1. פאר־זיכטיגקייט; 2. ווארנונג, אזהרה; 3. ווער־נען, מזהיר זיין, אנזאגען.

2. A word of **caution** given in time is worth more than a lecture of reproof.

cau'tionary *a.* (קאה'-שאנ-ע-רי) וואס ווארענט פון געפאהר; וואס ענטהאלט א ווארנונג; וואס דיענט אלס ערבות אדער משכון.

cau'tionary town (קאה'-שאנ-ע-רי טאון) א שטאדט וועלכע ווערט געגע־בען פון איין רעגיערונג צו דער צווייטער אלס א משכון פאר א חוב.

cau'tioner *n.* (קאה'-שאנ-ער) א ראטה־געבער; איינער וואס ווארענט פון א גע־פאהר; אן ערוב.

cau'tion-mon'ey *n.* (קאה'-שאן-מאנ-אי) ערבות געלד.

cau'tionry *n.* (קאה'-שאנ-רי) דאס גע־בען ערבות פאר אימעצען.

cau'tious *a.* (קאה'-שאס) פארזיכטיג, בעהיטזאם.

We made a **cautious** ascent of the mountain.

cau'tiously *adv.* (קאה'-שאס-לי) מיט פארזיכטיגקייט, מיט בעהיטזאמקייט.

cau'tiousness *n.* (קאה'-שאס-נעס) פאר־זיכטיגקייט; בעהיטזאמקייט.

cavalcade' *n.* (קעוו-על-קייד') א פאראד מארש אויף פערד אדער אין קארעטען.

cavalier' *n.*, *a.* and *v.* (קעוו-ע-ליער') א קאוואלעריסט, א [בעוואפענטער] ריי־טער; א ריטער; א קאוואליער; אן אויפ־געשעטצנער בערגעל פון ערד איז א פעס־טונגס־ווערק; העלדיש; ריטערליך; מונ־טער; האפערדיג, שטאלץ, איבערמוטיג; זיך האלטען ווי א קאוואליער [צו א דא־מע]; זיך האלטען שטאלץ.

Cavalier' *n.* and *a.* (קעוו-ע-ליער') אן אנהענגער פון קעניג קארל דעם ערשטען אין ענגלאנד אין זיין קאמפף מיט דעם פארלאמענט; וואס איז שייך צו דער פארטיי פון קעניג קארל דעם ערשטען.

cavalier'ish *a.* (קעוו-ע-ליער'-איש) וואס איז שייך צו א קאוואליער; וואס אנבעלאנגט צו דער פארטיי פון קעניג קארל דעם ערשטען אין ענגלאנד.

cavalier'ism *n.* (קעוו-ע-ליער'-איזם) האפערדיגקייט, שטאלצקייט; דאס אויפ־פיהרען זיך און לעבען פון קאוואליעריען.

cavalier'ness *n.* (קעוו-ע-ליער'-נעס) דאס זיין א קאוואליער.

cavallard' *n.* (קעוו-ע-ליארד') א צוג פון פערד אדער מויל־עזלען.

cav'alry *n.* (קעוו'-על-רי) קאוואלעריע [רייט־סאלדאטען].

cav'alryman *n.* (קעוו'-על-רי-מען) א קאוואלעריסט [א רייט־סאלדאט].

cavass' *n.* (קע-וועס') א קאוואס, א טער־קישער פאליציי־בעאמטער, א מיליטערי־שער קוריער וואס בענגלייט א טערקישען הויכען בעאמטען.

cavati'na *n.* (קעוו-ע-טי'-נא) א קורצע מעלאדיע אהן בענגלייטונג; א קורצע איינ־פאכע אריע.

cava'tion *n.* (קע-וויי'-שאן) דאס אויס־גראבען פון דעם פונדאמענט פון א גע־ביידע.

cava'zion *n.* (קע-וויי'-זשאן) ז. *cavation*

cave *n.* (קייוו) א הויל; אויסהוילען, אויסגראבען.

ca'veat *n.* (קיי'-ווי-עט) א געריכטליכע ווארנונג [צו פערהיטען עס זאל ניט קו־מען צו א פראצעס]; א ווארנונג; א וואונק.

ca'veat emp'tor (קיי'-ווי-אט עמפ'-טאר) זאל זיך דער קויפער היטען [אן אויסדרוק בענוצט אין געשעפטס שפראך אלס ווארנונג פאר א קונה, אז ער זאל וויסען וואס ער קויפט].

Caveat emptor, let the buyer beware before he purchases.

ca'veator *n.* (קיי'-ווי-איי-טאר) איינער וואס ברייננט אריין א געריכטליכע וואר־נונג.

cave'-dwell'er *n.* (קייוו'-דהוועל'-ער) א הויל־בעוואהנער, א מענש פון דער פאר־היסטארישער ראסע וועלכער האט נאך ניט געוואוסט פון בויען געצעלטען אדער היי־זער און האט געלעבט אין א הויל.

cave in (קייוו אין) 1. איינפאלען, זינ־קען, איינשטירצען; 2. זיך אונטערגעבען.

1. The roof of the house caved in. 2. If you enter into a contest, don't cave in in the middle of the fight.

cav'el *n.* (קעוו'-על) א טייל, א חלק; א לאז.

cave'man *n.* (קייוו'-מען) ז. *cave-dweller*

cav'endish *n.* (קעוו'-ען-דיש) אזא אמע־ריקאנער טאבאק.

cav'ern *n. and v.* (קעוו'-ערן) א גרויסע הויל; אויסהוילען.

cav'erned *a.* (קעוו'-ערנד) אויסגעהוילט, פוסט; וואהנענדיג אין א הויל; געפונען אין א הויל.

cavernic'olous *a.* (קעוו-ער-ניק'-א-לאס) וואהנענדיג אין הוילען.

cav'ernous *a.* (קעוו'-ער-נאס) פול מיט הוילען; וואס ענטהאלט הוילען; טיעף אויסגעהוילט.

cav'ern out (קעוו'-ערן אוט) אויסגרא־בען ווי א הויל.

caver'nulous *a.* (קע-וואר'-ניו-לאס) פול מיט הוילען.

cav'esson *n.* (קעוו'-ע-סאן) אזא צוים פאר פערד וועלכע מען איבט איין פאר א צירקוס.

cave'-swal'ow *n.* (קייוו'-סוואל'-או) אזא שוואלב וואס מאכט איהר נעסט אין הוילען.

cavet'to *n.* (קע-וועט'-א) אזא אויס־געהוילטער אדער רונדער געזימס פאר א קארניז.

cav'ezon *n.* (קעוו'-ע-זאן) ז. *cavesson*

caviar' *n.* (קעווי-אר') קאוויאר [איק־רע, רייגען פון געוויסע פיש וועלכע ווערען פערבערייטעט אלס א דעליקאטעס־שפייז].

caviare' *n.* (קעווי-אר') ז. *caviar*

cav'icorn *a. and n.* (קעוו'-אי-קארן) וואס האט אויסגעהוילטע הערנער [ווי א קוה, א ציעג א. ד. ג.]; א חיה מיט אויסגעהוילטע הערנער [בעזאנדערס פון די וואס זיינען מעלה גרה].

Cavicor'nia *n.* (קעוו-אי-קאר'-ני-א) דער מין חיות וואס געהערט צו דער גרופע וואס האבען אויסגעהוילטע הערנער [ווי אקסען, שעפסען, ציגען, אנטילאפען א. ד. ג.].

cav'il *v. and n.* (קעוו'-איל) 1. קרי־טיקירען, טאדלען אהן א גרונד; זוכען חסרונות; 2. א גרונדלאזע קריטיק; א פריטשעפקע.

1. The true critic never cavils.

cav'iler *n.* (קעוו'-איל-ער) איינער וואס טאדעלט אהן א גרונד; א בעל מחלוקה; איינער וואס זוכט פריטשעפקעס.

cav'iling *n. and a.* (קעוו'-איל-אינג) דאס קריטיקירען אהן א גרונד; דאס זו־כען חסרונות אדער פריטשעפקעס; קרי־טיקירענדיג אהן א גרונד; זוכענדיג חסרונות.

cav'ilingly *adv.* (קעוו'-איל-אינג-לי) דורך גרונדלאזער קריטיק; דורך זוכען חסרונות.

cav'iller *n.* (קעוו'-איל-ער) ז. *caviler*

cav'illing *n. and a.* (קעוו'-איל-אינג) ז. *caviling*

cav'illingly *adv.* (קעוו'-איל-אינג-לי) ז. *cavilingly*

cav'in *n.* (קעוו'-אין) א הויל־וועג, אן אונטעראירדישער וועג.

cav'itary *a.* (קעוו'-אי-טיי-רי) אויסגע־הוילט; וואס האט אן אויסהוילונג; וואס האט א חלל.

cav'itied *a.* (קעוו'-אי-טיד) ז. *cavitary*

cav'ity *n.* (קעוו'-אי-טי) אן אויסהוילונג; א חלל; א הויל.

The dentist filled a cavity in my tooth.

ca'vo-rilie'vo *n.* (קא'-ווא-רי-ליעי'-ווא) אזא סקולפטור־ארבייט ביי וועל־כער דאס בולט'ע בילד, וואס ווערט גע־שניצט אדער אויסגעהאקט, געפינט זיך אין א פערטיעפונג.

cavort' *v.* (קע-ווארט') שפרינגען, ארום־שפרינגען [ווי א פערד].

ca'vum *n.* (קיי'-וואם) א חלל, אן אויס־הוילונג פון קערפער [ווי דער חלל פון ברוסטקאסטען אדער פון הארצען].

ca'vy *n.* (קיי'-ווי) א ים חזיר'ל.

caw *v. and n.* (קאה) קראקען ווי א קראהע אדער וואראנע; קרעכצען; דאס קראקען פון א קראהע אדער וואראנע.

cawk *n.* (קאהק) א מין קאלך־שטיין.

cay *n.* (קיי) א קליינער אינזעל אדער פעלז אין דעם גאלף פון מעקסיקא.

Cayenne' pep'per (קאי-ען' פעפ'-ער) דער שפאנישער פעפער.

cay'man *n.* (קיי'-מען) אן אמעריקאנער קראקאדיל.

cayo'te *n.* (קע-יאו'-טע) אזא הונד־ענהלי־כע אדער וואלף־ענהליכע חיה אין אמעריקא.

cayuse' *n.* (קא-יוס') א קליין פערדעל, א פאני.

cazique' *n.* (קע-זיק') אן אינדיאנער הויפטלינג.

C. E. די ראשי תבות פון די ווערטער *civil engineer*

cease *v.* (סיעס) 1. אויפהערען; אבלא־זען, נאכלאזען; ענדיגען; 2. אברוהען [פון דער ארבייט].

1. The chairman requested that we cease talking. 2. On a holiday we cease from our labors.

cease'less *a.* (סיעס'-לעס) אהן אן אויפ־הער; אהן אונטערברעכען; אהן אן ענד.

cease'lessly *adv.* (סיעס'-לעס-לי) אונ־אויפהערליך.

cease'lessness *n.* (סיעס'-לעס-נעס) אונאויפהערליכקייט; אונענדליכקייט.

ceb'id *n.* (סעב'-איד) אזא מאלפע [אפע], וועלכע געהערט צו דעם מין וואס האבען 36 צייהנער אין מויל.

Ceb'idæ *n.* (סעב'-אי-דיע) א מין מאל־פעס [אפען], וואס צייכענען זיך אויס דערמיט, וואס זיי האבען 36 צייהנער אין מויל אנשטאט 32 ווי די אנדערע מינים האבען עס.

Cebi'næ *n.* (סי-באי'-ניע) א געוויסער מין אמעריקאנער מאלפעס [אפען].

Ce'bus *n.* (סי'-באס) דער מין זיד־אמערי־קאנער לאנג־עקיגע מאלפעס [אפען].

ce'cils *n.* (סי'-סילז) אזעלכע פלייש־קניידלעך וואס ווערען געבראטען אויפ'ן פאן.

ce'cograph *n.* (סי'-קא-גרעף) א שרייב־מאשין פאר בלינדע.

ce'cum *n.* (סי'-קאם) די בלינדע קישקע [א קורצע קישקע אין דיא געדערעם וועל־כע איז אפען נור פון איין ענד].

ce'dar *n. and a.* (סי'-דער) א צעדער־בוים; צעדער־האלץ; וואס איז שייך צו א צעדער־בוים אדער צעדער־האלץ.

Cedar of Lebanon

ce'dar-bird *n.* (סי'-דער-בוירד) אזא אמעריקאנער פויגעל פון ברוינער פארב און מיט א גרויסען טשוביק אויפ'ן קאפ פון רויטליכע אדער געלבע פעדערען.

ז. איל. *"Birds of the U. S."*

ce'dared *a.* (סי'-דערד) בעדעקט מיט צעדער־בוימער; געמאכט פון צעדער־האלץ.

ce'dar-gum *n.* (סי'-דער-גאם) אזא זאפט פון א מין צעדער־בוימער פון די זיד־אפריקאנישע בערג, ווערט בענוצט אין דער מעדיצין פאר פערשיעדענע פלאסטער.

ce'dar-lark *n.* (סי'-דער-לארק) ז. *cedar-bird*

ce'darn *a.* (סי'-דערן) וואס איז שייך צו צעדער־האלץ; וואס איז געמאכט פון צעדער־האלץ.

ce'dar-tree *n.* (סי'-דער-טריע) א צע־דער־בוים.

ce'dar-wood *n.* (סי'-דער-הוואוד) צע־דער־האלץ.

cede *v.* (סיד) אבטרעטען; נאכגעבען; אונטערגעבען.

Mexico ceded California to the United States.

cedil'la *n.* (סי-דיל'-א) א צייכען אין

דער פראנצויזישער און אין איינינע אנדערע שפּראַכען אונטער דעם בוכשטאַב c [ç] צו צייגען דאַס מען מוז עס לעזען אַלס "s" און ניט אַלס "*k*".

ce'drene *n.* (סי'-דרין) אַזאַ כעמישער שטאָף וואָס געפינט זיך אין צעדער־אויל.

ce'drine *a.* (סי'-דרין) וואָס געהערט צו צו צעדער־בוימער; פון צעדער־האָלץ

ce'drium *n.* (סי'-דרי-אַם) דער פּעךזאַפט פון צעדער־בוימער [ווערט בענוצט איינצורייבען וואָלען־שטאָף צו פערהיטען פון מאָטען (מאָיל)].

ce'drola *n.* (סי'-דראָ-לע) אַזאַ קריסטאַליזירטער כעמישער שטאָף וועלכער ווערט ערהאַלטען פון צעדער־אויל.

ceil *v.* (סיעל) בעדעקען מיט ברעטער אָדער אויספּלאַסטערען די סטעליע [אויבערלאַגע, באַלקען פון אַ הויז].

ceiled *a.* (סיעלד) וואָס האָט אַ סטעליע [אַן אויבערלאַגע, באַלקען, סופיט].

cei'ling *n.* (סיע'-לינג) סטעליע, סופיט [אויבערלאַגע, באַלקען].

cei'linged *a.* (סיע'-לינגד) וואָס האָט אַ סטעליע [אויבערלאַגע, באַלקען, סופיט].

cel'adon *n.* (סעל'-ע-דאַן) אַ בלאַס־גרינער אָדער גרוי־גרינער קאָליר.

cel'andine *n.* (סעל'-ען-דאַין) אַזאַ פּלאַנצע מיט קליינע העל־געלבע בליהונג [די זאַפט פון דיעזער בליהונג, וועלכע האָט אַ ביטערען טעם, ווערט מאַנכעסמאָל בענוצט פאַר אַן אַבפיהרונגס־מיטעל].

cel'ebrant *n.* (סעל'-אי-ברענט) איינער וועלכער פייערט אַ יום־טוב לכבוד עפּעס אָדער אימעצען; דער פּריסטער, אין רוימיש־קאַטוילישע און אַנגליקאַנישע קירכען, וואָס האַלט אָב די מעסע.

cel'ebrate *v.* (סעל'-אי-ברייט) 1. לויבען, ערהויבען; אויסצייכנען; 2. פייערען, מאַכען אַ יום־טוב לכבוד עפּעס אָדער אימעצען.

1. We **celebrate** the deeds of our heroes. 2. A patriot **celebrates** every holiday.

cel'ebrated *a.* (סעל'-אי-בריי-טעד) 1. בעריהמט; 2. געפייערט.

1. Maimonides was a **celebrated** Jewish philosopher in the middle ages.

cel'ebrater *n.* (סעל'-אי-בריי-טער) איינער וואָס פייערט אַ יום־טוב.

celebra'tion *n.* (סעל-אי-בריי'-שאַן) אַנדענקונגס פייער; פייערונג; דאָס פייערען אַ יום־טוב.

cel'ebrator *n.* (סעל'-אי-בריי-טאָר) ז. *celebrater*.

celeb'rities *n.* (סי-לעב'-רי-טיז) בעריהמטע פּערזאָנען.

celeb'rity *n.* (סי-לעב'-רי-טי) בעריהמטהייט; אַ בעריהמטע פּערזאָן.

His good deeds have gained for him a wide **celebrity**.

Celery

celer'ity *n.* (סי-לער'-אי-טי) שנעלקייט; גיכקייט.

cel'ery *n.* (סעל'-ע-רי) סעלערי [אַזאַ גאָרטען־פּלאַנצע וואָס ווערט געגעסען רויה און געקאָכט].

celeste' *a.* (סי-לעסט') הימעל־בלוי.

celes'tial *a. and n.* (סי-לעס'-טשיאַל) הימליש; אַ הימעל־איינוואָהנער.

Celes'tial Empire' (סי-לעס'-טשיאַל עמ פּאַיר') דאָס הימעלשע רייך [אַזוי ווערט גערופען דאָס לאַנד כינאַ].

celes'tially *adv.* (סי-לעס'-טשיאַל-אי) הימליש, אויף אַ הימלישען שטייגער.

Celes'tial Throne (סי-לעס'-טשיאַל טהראָון) דער כסא הכבוד.

ce'liac *a.* (סי'-לי-עק) וואָס איז שייך צו דעם חלל פון בויך; וואָס איז שייך צום בויך.

cel'ibacy *n.* (סעל'-אי-בע-סי) דאָס זיין אונפערהייראַט; דאָס אונפערהייראַטע לעבען.

Celibacy of the clergy is a rule of the Catholic religion.

cel'ibate *n., a. and v.* (סעל'-אי-בייט) אַן אונפערהייראַטע פּערזאָן; אונפערהייראַט; פיהרען אַן אונפערהייראַט לעבען.

cel'ibatist *n.* (סעל'-אי-ביי-טיסט) אַן אונפערהייראַטע פּערזאָן; איינער וואָס האַלט פון דעם פּרינציפּ אַז מען דאַרף ניט הייראַטען.

cell *n.* (סעל) אַ צעלע, אַ קליינעם צימערעל; אַן איינגעשלאָסענער רוים; אַ צימער אין אַ געפענגניס; אַ צימערעל פון אַ מאָנאַך אָדער מאָנאַשקע אין אַ קלויסטער; אַן איינצעלנע עלעקטרישע באַטאַריי; אַ גאַנץ קליין קעסטעלע.

cel'la *n.* (סעל'-ע) דאָס מיטעל־צימער פון אַן אַלט־גריכישען אָדער רוימישען טעמפּעל.

cel'læform *a.* (סעל'-אי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון אַ צעלע; עהנליך צו אַ צעלע [אין אויסזעהן אָבער ניט אין דער נאַטור].

cell'-an'imal *n.* (סעל'-ען'-אי-מעל) אַ בעשעפעניש וואָס בעשטעהט נור פון איין צעלע.

cel'lar *n.* (סעל'-ער) אַ קעלער.

cel'larage *n.* (סעל'-ער-איידזש) דער רוים וואָס אַ קעלער פערנעהמט; אַ קעלער־סיסטעם [אַ רייהע פון קעלערען]; קעלער־געלד [וואָס מען צאָהלט פאַר אָוועקשטעלען עטוואָס אין אַ קעלער].

cel'lar-book *n.* (סעל'-ער-בוק) אַ בוך אין וועלכען עס זיינען פערשריבען די ווינען און אַנדערע געטרענקע וועלכע געפינען זיך אין אַ וויין־קעלער.

cel'larer *n.* (סעל'-ער-ער) אַ ממונה אויף די קעלערען אין אַ קלויסטער, וואו עס ווערען געהאַלטען שפּייזען און געטרענקע; איינער וואָס האַלט אַ וויין־קעלער, אַ וויין־הענדלער.

cel'laret *n.* (סעל'-ער-עט) אַ וויין־אַלמערעל.

cel'lar-flap *n.* (סעל'-ער-פלעפּ) אַ האָלץ־טהיר צו אַ קעלער.

cel'laring *n.* (סעל'-ער-אינג) אַ קעלער־סיסטעם [אַ רייהע פון קעלערען].

cel'larist *n.* (סעל'-ער-איסט) ז. *cellarer*.

cel'lar-rat *n.* (סעל'-ער-רעט) אַ בעאַמטער אין אַ צאָל־הויז [טאַמאָזשנע] וואָס האָט אויפצופּאַסען אויף אָבגעשטעלטע אימפּאָרטירטע סחורה [אַלס אַ שפּאַט נאָמען].

celled *a.* (סעלד) וואָס בעשטעהט פון צעלען.

cellif'erous *a.* (סע-ליפ'-ע-ראַס) וואָס ענטוויקעלט פון זיך אַ צעלע.

cel'liform *a.* (סעל'-אי-פאָרם) וואָס איז עהנליך צו אַ צעלע [אין דעם אויסזעהן אָבער ניט אין דער נאַטור].

cel'lo *n.* (טשעל'-אָו) אַ וויאָלין־טשעלאָ [אַזאַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט עהנליך צו אַ פידעל, אָבער פיעל גרעסער].

cell'-sub'stance *n.* (סעל'-סאַב'-סטענס) דער שטאָף פון וואָס אַ צעלע בעשטעהט, די פּראָטאָפּלאַזמע.

cell the'ory (סעל טהי'-אָ-רי) די צעלען־טעאָריע [די טעאָריע וועלכע בעהויפּטעט אַז אַלע אָרגאַניזמען בעשטעהען פון צעלען און אַז יעדע צעלע איז אַ פּראָדוקט פון אַן אַנדער צעלע].

cel'lula *n.* (סעל'-יו-לאַ) אַ צימערעל.

cel'lular *a.* (סעל'-יו-לאַר) וואָס בעשטעהט פון צעלען; וואָס איז שייך צו אַ צעלע.

Cellula'res *n.* (סעל-יו-ליי'-ריז) דער מין פּלאַנצען וואָס בעשטעהען פון אַ צעלען־געוועב [ווי מאָך].

cel'lular the'ory (סעל'-יו-לאַר טהי'-אָ-רי) ז. *cell theory*.

cel'lulated *a.* (סעל'-יו-ליי-טעד) וואָס איז געפאָרמט פון צעלען.

cel'lule *n.* (סעל'-יול) אַ קליינע צעלע; אַ קליין צימערעל.

cellulif'erous *a.* (סעל-יו-ליפ'-ע-ראַס) וואָס ענטוויקעלט פון זיך צעלען.

celluli'tis *n.* (סעל-יו-לאַי'-טיס) אַן ענטצינדונג פון דעם צעלען־געוועב [אין מעדיצין].

cel'luloid *n.* (סעל'-יו-לאָיד) צעלולאָיד [אַזאַ פאַבריצירטער מאַטעריאַל וואָס האָט די עהנליכקייט צו ביין. ווערט צונויפגעשטעלט פון שים־בוימוואָל, קאַמפער און נאָך איינינע שטאָפען].

cel'lulose *n. and a.* (סעל'-יו-לאָוס) צעלולאָזע [דער הויפּט־שטאָף פון פּלאַנצען]; וואָס בעשטעהט פון צעלולאָזע; וואָס בעשטעהט פון צעלען.

cellulo'sic *a.* (סעל-יו-לאָו'-סיק) וואָס בעשטעהט פון צעלולאָזע. ז. *cellulose*.

celos'tomy *n.* (סי-לאָס'-טאָ-מי) דאָס ריידען מיט אַ פּוסטע שטימע.

Cel'sius thermom'eter (סעל'-סי-אַס טהער-מאָמ'-ע-טער) דער צעלזיוס טערמאָמעטער. ז. *centigrade thermometer*.

celt *n.* (סעלט) אַזאַ מין דלאָט פון שטיין אָדער בראָנז געברויכט אַלס געוועהר אין גאַנץ אַלטע צייטען.

Celts

Celt *n.* (סעלט) אַ קעלט [איינער וואָס שטאַמט פון די וועסט־אייראָפּייאישע אורפעלקער פון וועלכע עס שטאַמען די פראַנצויזען, אירלענדער א. ז. וו.].

Cel'tic *a. and n.* (סעל'-טיק) וואָס איז שייך צו די קעלטישע פעלקער אָדער זייער שפּראַך; די קעלטישע שפּראַך.

Cel'ticism *n.* (סעל'-טי-סיזם) די מנהגים און געוואָהנהייטען פון די קעלטישע פעלקער; אַ קעלטישער אויסדרוק.

Celt'-In'dic *a.* (סעלט'-אינ'-דיק) וואָס איז שייך צו אַן אַריער; וואָס שטאַמט פון דער אינדאָ־אייראָפּעאישער ראַסע.

cement' *n. and v.* (סי-מענט') 1. צעמענט; וואַפּנע געמישט מיט זאַמד און וואַסער; צעמענט־פּולווער [אין וועלכע

מען האלט שטיקער אייזען בעת מען ברענט עס איבער אין שטאהל]; א שטיין־ארט, וועלכע בעשטעהט פון צוזאמענגעקלעפטע זאמד [ווי פארפיר]; דער צאהן־קיט [די אונטערשטע צעמענט־פארמיגע בעדעקונג פון צאהן, וועלכע מאכט איהם שטייף אין קינבאק]. 2. פערבינדען אין א בונד פון פריינדשאפט; פערפעסטיגען מיט צעמענט, צונויפקלעפען; פעסט ווערען.

2. Mutual interests have **cemented** our friendship.

cemen'tal *a.* (סי-מענ׳-טעל) וואס איז שייך צו צעמענט; וואס איז פון צעמענט

cementa'tion *n.* (סעמ-ענ-טיי׳-שאן) דאס צעמענטירען, די פערפעסטיגונג מיט צעמענט; צעמענטאציאן [דאס האלטען אייזען אין צעמענט־פולווער בעת מען ברענט עס איבער אין שטאהל].

cementa'tion-box *n.* (סעמ-ענ-טיי׳-שאן-באקס) אזא קאסטען געמאכט פון שמיעד־אייזען, אין וועלכען עס ווערט געברענט אייזען אין צעמענט, צו פערוואנדלען עס אין שטאהל.

cemen'tatory *a.* (סי-מענ׳-טע-טא-רי) וואס צעמענטירט, וואס קלעפט צונויף אייז זאך מיט דער אנדערער.

cemen'ter *n.* (סי-מענ׳-טער) דער וואס צעמענטירט; דאס וואס פערבינדט.

cemen'ting-fur'nace *n.* (סי-מענ׳-טינג-פויר׳-נעס) דער אויוועןן אין וועלכען מען ברענט אייזען אין צעמענט, עס צו פערוואנדלען אין שטאהל.

cemen'ting-ov'en *n.* (סי-מענ׳-טינג-אוון) ז. *cementing-furnace*

cementi'tious *a.* (סעמ-ען-טיש׳-אס) וואס איז שייך צו צעמענט; וואס קען דיענען אלס צעמענט; וואס האט די אייגענשאפטען פון צעמענט.

cement'-mill *n.* (סי-מענט׳-מיל) א מיהל וואו עס ווערט געמאהלען צעמענט.

cement'-stone *n.* (סי-מענט׳-סטאון) צעמענט־שטיין [א שטיין פון וועלכען מען מאכט צעמענט].

cemete'rial *a.* (סעמ-אי-טי׳-רי-על) וואס בעלאנגט צו א בית־עולם.

cem'etery *n.* (סעמ׳-אי-טער-אי) א בית עולם, בעגרעבנים ארט.

cen'obite *n.* (סענ׳-א-באיט) א סענאביט, א מאנאך. וואס וואהנט צוזאמען מיט אנדערע מאנאכען אין א מאנאסטיר.

cenobit'ic *a.* (סענ-א-ביט׳-איק) וואס לעבט אין א געזעלשאפט פון מאנאכען; וואס איז שייך צו א סענאביט.

ז. *cenobite*

cenobit'ical *a.* (סענ-א-ביט׳ אי-קעל) ז. *cenobitic*

cenog'amy *n.* (סי-נאג׳-ע-מי) דאס האבען געמיינשאפטליכע ווייבער און מענער ווי ביי געוויסע פרימיטיווע שבטים.

cen'otaph *n.* (סענ׳-א-טעף) א קענאטאף, א פוסטער קבר אדער א מצבה וואס איז געמאכט געווארען צום אנדענקען פון א מענשען וועלכער איז געשטארבען און בעערדיגט געווארען אין אן אנדער ארט.

cenotaph'ic *a.* (סענ-א-טעפ׳-איק) ווי א קענאטאף. ז. *cenotaph*

Cenozo'ic *a.* (סיע-נא זאו׳-איק) וואס איז שייך צו דער פעריאדע אין דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער ערד, ווען אויף איהר האבען זיך אנגעהויבען ענטוויקלען די שפעטערע מינים פון חיות און פלאנצען [ווי די טערטיער און קווארטיער פעריאדען].

cense *v.* (סענס) רויכערען וויירויך; בערעגען בשמים.

cen'ser *n.* (סענ׳-סער) א פייער־פאן [די פאן אין וועלכער מען רויכערט וויירויך פאר'ן אלטאר].

cen'sor *n. and v.* (סענ׳-סאר) א צענזאר; א טאדלער; א קריטיקער; איינער פון די הויפט שטאדט־בעאמטע אין אלטען רוים; א משגיח אין די אלטע אוניווערזיטעטען; איינער פון די הויפט־בעאמטע פון כינא [די „אויגען און אויערען” פון כינעזישען קייזער]; קריטיקירען, טאדלען.

censo'rial *a.* (סענ-סאו׳-רי-על) וואס איז נוגע צום צענזאר; צענזאריש

Editors too often assume a **censorial** attitude.

censo'rious *a.* (סענ-סאו׳-רי-אס) קריטיש, שטעכעדיג; בייסענד; מיט א שטרענגער קריטיק.

censo'riously *adv.* (סענ-סאו׳-רי-אס-לי) אויף א שטרענגען, קריטישען אופן.

censo'riousness *n.* (סענ-סאו׳-רי-אס-נעס) דאס קריטיקירען; דאס טאדלען; דאס געפינען חסרונות.

cen'sorship *n.* (סענ׳-סאר-שיפ) דאס אמט פון א צענזאר; די צייט וויפיעל עס דויערט דיעזעס אמט; די טהעטיגקייט פון א צענזאר.

cen'surable *a.* (סענ׳-שור-עבל) טאדעלהאפט, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

cen'surableness *n.* (סענ׳-שור-עבל-נעס) טאדעלהאפטיגקייט.

cen'sure *n. and v.* (סענ׳-שור) צענזור; קריטיק; טאדעל; דאס אורטיילען וועגען א זאך, דאס געפינען חסרונות; דאס ארויפלעגען א שטראף; קריטיקירען, געפינען חסרונות; טאדלען; בעשטראפען.

cen'surer *n.* (סענ׳-שור-ער) א צענזאר, א קריטיקער, א טאדלער.

cen'sus *n.* (סענ׳-סאס) צענזוס, פאלקס־צעהלונג [די צעהלונג פון די איינוואהנער פון א לאנד, לויט זייער עלטער, געשלעכט, בעשעפטיגונג א. ז. וו.].

cent *n.* (סענט) א סענט [א קופערנע מטבע וואס איז א הונדערטעל טייל פון אן אמעריקאנער און קאנאדער דאלאר].

cen'tal *a. and n.* (סענ׳-טעל) וואס איז נוגע צו אדער בעשטעהט פון הונדערט; אן ענגלישע וואג פון הונדערט פונט [צו מעסטען תבואה].

cen'tare *n.* (סענ׳-טעהר) א קוואדראט־מעטער [א פלעכע וואס איז אין דער לייננג א מעטער און איז דער ברייט א מעטער].

cen'taur *n.* (סענ׳-טאהר) דער צענטאוור [א משונה'דיגע בעשעפענים, האלב מענש און האלב פערד אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

Centaur

Centau'rus *n.* (סענ-טאה׳-ראס) א צוי־

זאמענזעצונג פון שטערען אין דער פארם פון א צענטאוור [א בעשעפענים האלב מענש און האלב פערד].

cen'taury *n.* (סענ׳-טאה-רי) אזא פלאנצע.

centa'vo *n.* (טהענ-טא׳-וואו) א סענט, א הונדערטעל טייל פון א דאלאר אדער פעזא [אין די זיד אמעריקאנישע שטאאטען].

centena'rian *n. and a.* (סענ-טע-ניי׳-רי-ען) א הונדערט יעהריגער מענש; וואס געהערט צו א יאהרהונדערט.

cen'tenary *a. and n.* (סענ׳-טע-נע-רי) וואס איז נוגע צום צאהל הונדערט אדער צו א יאהרהונדערט; א פעריאדע פון הונדערט יאהר; דאס הונדערט־יאהריגע יובילעאום.

centen'nial *a. and n.* (סענ-טענ׳-אי-על) הונדערט יעהריג; וואס דויערט הונדערט יאהר; וואס פערענדיגט א יאהרהונדערט; וואס עס טרעפט זיך איינמאל אין א יאהרהונדערט; א הונדערטיאהריגעס יובילעאום.

In 1876 we celebrated the **centennial** of our independence.

cen'ter *n. and v.* (סענ׳-טער) דער צענטער, מיטעלפונקט, דער הויפט פונקט, די הויפט זאך; דער צענטער, די מיטעלפארטיי אין פארלאמענט; די קלעריקאלע פארטיי אין דייטשלאנד; שטעלען אויף דעם מיטעלפונקט; זיך צוזאמענטרעפען אין מיטעלפונקט, צוזאמענלויפען אין מיטעלפונקט; קאנצענטרירען זיך.

cen'ter-bar *n.* (סענ׳-טער-באר) אזא שטיפט צו וועלכען עס ווערט בעפעסטיגט דער בויערער אין א דריל.

choice *n. and a.* (טשאיס) 1. וואהל; ברירה; דאס אויסקלייבען; דער אויס-געקליבענער; 2. גוט, פארטרעפליך.
1. The election did not result in a choice.
2. The dress was made of choice material.

choice'less *a.* (טשאיס'-לעס) אהן ברירה, געצוואונגען.

choice'ly *adv.* (טשאיס'-לי) אויסגעצייכ-נעט, אויסערוועהלט, פארטרעפליך.

choice'ness *n.* (טשאיס'-נעס) דאס זיין

אויסגעצייכנט, פארטרעפליך; דאס זיין אבגעקליבען.

choir *n. and v.* (קהוואיר) א כאר [פון זינגער]; דער קאר אין א קירך [דער פלאטץ וואו די זינגער שטעהען אדער די גלחים זיצען]; זינגען אין כאר.

choir'-boy *n.* (קהוואיר'-באי) א אינגעל וואס זינגט אין א כאר.

choir'-lea'der *n.* (קהוואיר'-ליע'-דער) ז. *choirmaster*.

choir'man *n.* (קהוואיר'-מען) א זינגער פון א כאר.

choir'master *n.* (קהוואיר'-מעס-טער) א כאר-דיריגענט.

choir'-or'gan *n.* (קהוואיר'-אר'-גען) אן ארגעל.

choir'-screen *n.* (קהוואיר'-סקריען) אזא אבצאמונג וואס ווערט געמאכט אין א קירך פאר'ן כאר.

choir'-ser'vice *n.* (קהוואיר'-סויר'-וויס) די תפילות אין קירך וואס ווערען געזונגען פון כאר.

choke *v. and n.* (טשאוק) 1. דערשטיקען, דערווערגען, פערשטיקען; שטיקען זיך; 2. א פעראיינגטע [ביים ענדע] לאך פון א הארמאט; 3. דער עק פון א ראקעט; 4. דער אפענער פלאץ אין מיטען שטאדט וואו עס געפינט זיך דער מארק [אין אינדיען].

1. He **choked** with laughter.

choke'berry *n.* (טשאוק'-בער-אי) אזא אמעריקאנער קוסטען-בוימעל; די יאגדעס פון דיזען קוסטען-בוימעל.

choke'-bore *n. and v.* (טשאוק'-באור) א פערקלענערטע [ביים ענדע] לאך פון א ביקס; א ביקס מיט אזא לאך; מאכען אזא לאך.

choke'-cher'ry *n.* (טשאוק'-טשער'-אי) א מין ביטערער ווילדער קארש.

choke'-damp *n.* (טשאוק'-דעמפ) שטיקענדער, קויהלען-זויערער גאז [אין א קויהלען-שאכטע].

chokedar' *n.* (טשאו-קע-דאר') א וועכטער, א פאליצייסקער [אין אינדיען].

choke'-full *a.* (טשאוק'-פול) אנגעפאקט; פול ווי אן אייג.

The room was **choke-full** of people.

choke'-pear *n.* (טשאוק'-פעהר) אזא בארנע וואס האט א שטארקען זויערען טעם.

cho'ker *n.* (טשאו'-קער) דער אדער דאס וואס שטיקט, דערווערגט; דאס וואס מאכט שווייגען, אן ארגומענט, אויף וועלכען מען קען ניט ענטפערען; א הויכער קראגען.

cho'king *a.* (טשאו'-קינג) שטיקענד, ווערגענד.

cho'ky *a.* (טשאו'-קי) שטיקענד; ווערגענד.

To stay in a **choky** room is unhealthy.

chol'agogue *n.* (קאל'-ע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל צו פערמעהרען די בילדונג פון גאל אין קערפער.

cholangioi'tis *n.* (קא-לען-דזשי-א-אי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די גאל-קאנאלען.

cholecysti'tis *n.* (קאל-אי-סיס-טאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער גאל.

choledog'raphy *n.* (קאל-אי-דאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דער גאל.

chol'eic *a.* (קאל'-אי-איק) וואס איז שייך צו דער גאל.

chol'er *n.* (קאל'-ער) גאל; ביטערניש, צארן.

chol'era *n.* (קאל'-ע-רא) כאלעריע.

cholera'ic *a.* (קאל-ע-ריי'-איק) וואס איז שייך צו כאלעריע.

chol'era infan'tum (קאל'-ע-רא אינ-פענ'-טאם) כאלערינקע, בויך-קרעמפפען [ביי קליינע קינדער].

chol'era mor'bus (קאל'-ע-רא מאר'-באס) בויך-קרעמפפען, א שטארקער בויך-וועהטאג [ביי דערוואקסענע].

chol'eric *a.* (קאל'-ע-ריק) גאליק; וואס ווערט שנעל אין כעס; וואס ערגערט זיך, וואס רעגט זיך אויף.

chol'eriform *a.* (קאל'-ע-רי-פארם) וואס איז עהנליך צו כאלעריע.

chol'erine *n.* (קאל'-ע-רין) דיא ערשטע שטופע פון כאלעריע; כאלערינקע [א לייכטע פארם פון כאלעריע].

chol'eroid *a.* (קאל'-ע-ראיד) וואס איז שייך צו כאלעריע.

cholester'ic *a.* (קאל-עס-טער'-איק) וואס איז שייך צו קאלעסטערין. ז. *cholesterin*.

choles'terin *n.* (קא-לעס'-טע-רין) קאלעסטערין [א ווייסער, פעטליכער שטאף, וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע טיילען פון קערפער, בעזונדערס אין גאל און אין די נערוועז].

choles'terine *n.* (קא-לעס'-טע-רין) ז. *cholesterin*.

cho'liamb *n.* (קאו'-לי-עמב) דער קאליאמבוס, דער הינקענדער יאמבוס [א געוויסע פארם פון שרייבען ליעדער, וואו דער פערז בעשטעהט פון א יאמבישען טרימעטער מיט א טראכעאוס אויף'ן לעצטען פוס].

choliam'bic *a. and n.* (קאו-לי-עמ'-ביק) וואס איז שייך צו דעם קאליאמבוס; דער קאליאמבוס. ז. *choliamb*.

chol'ic *a.* (קאל'-איק) וואס איז שייך צו דער גאל.

chomp *v.* (טשאמפ) קייען, בייסען, צוגריזשען.

chon'dral *a.* (קאנ'-דרעל) וואס איז שייך צו כראמשקע [קנארפעל, כראשין].

chon'drin *n.* (קאנ'-דרין) דער תמצית פון כראמשקע [וואס בעקומט זיך ווען מען קאכט עס אויס אין וואסער. ווען דאס קיהלט זיך אב, ווערט דאס פערגליווערט ווי סטודען].

chon'drine *n.* (קאנ'-דרין) ז. *chondrin*.

chondri'tis *n.* (קאנ-דראי'-טיס) די ענטצינדונג פון דער כראמשקע (קנארפעל, כראשטש].

chon'drodite *n.* (קאנ'-דרא-דאיט) אזא העל-געלבער ברעקעלדיגער מינעראל.

chondrog'raphy *n.** (קאנ-דראג'-רע-פי) א וויסענשאפטליכע בעשרייבונג וועגען קנארפעל-פלייש [כראמשקע].

chon'droid *a.* (קאנ'-דראיד) וואס איז עהנליך צו כראמשקע, וואס איז שייך צו דער כראמשקע.

chondrol'ogy *n.* (קאנ-דראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קנארפעל-פלייש [כראמשקע].

chondrom'eter *n.* (קאנ-דראמ'-ע-טער) א וואג-שאל צו וועגען תבואה.

chondropteryg'ian *n.* (קאנ-דראפ-טע-רידזש'-אי-ען) דער קנארפעל-פיש [א פיש, וועלכער האט א כראמשקע-סקעלעט].

Chondros'tei *n.* (קאנ-דראס'-טי-אי) די קנארפעל-פיש [דער מין פיש וואס זייער סקעלעט בעשטעהט הויפטזעכליך פון כראמשקע].

chon'drotome *n.* (קאנ'-דרא-טאום) אזא מעסער צום שניידען כראמשקע [קנארפעל].

chondrot'omy *n.* (קאנ-דראט'-א-מי) דאס שניידען כראמשקע [קנארפעל]; די צוגלידערונג פון כראמשקע.

choo'sable *a.* (טשו'-זעבל) וואס קען אויסגעוועהלט ווערען; ווינשענסווערטה.

choose' *v.* (טשוהז) וועהלען, אויסקלייבען; פערלאנגען; אבשטעלען זיך אויף איינס פון די ביידע.

Choose the right and shun evil.

choo'ser *n.* (טשוה'-זער) א וועהלער, אן אויסקלייבער.

choo'sing *a.* (טשוה'-זינג) אויסקלייבענדיג, אויסוועהלענדיג.

choo'singly *adv.* (טשוה'-זינג-לי) דורך אויסוואהל.

chop *v. and n.* (טשאפ) 1. האקען, צושניידען; שפאלטען; זיך כאפען, זיך צוכאפען; טוישען, בייטען; 2. א שטיק; א פלייש-ריפעלע צום בראטען; שפאלט, שניט, ריץ.

1. The boy came to **chop** the firewood. 2. He ordered a **chop** for his breakfast.

chop about' *v.* (טשאפ ע-באוט') זיך פלוצלונג ענדערען.

chop'-cher'ry *n.* (טשאפ'-טשער'-אי) אזא שפיעל, וואו מען הענגט אויף א קארש אויף א פאדים און מען דארף איהם אנכאפען מיט די צייהנער.

chop'fallen *a.* (טשאפ'-פאהלן) ארונטערגעפאלען ביי זיך, זעהר שטארק אויסגעמאטערט.

chop'-house *n.* (טשאפ'-האוס) א גאר-קיך [ספעציעל פון ביפשטעקס און בראטענס].

chop in (טשאפ אין) אונטערברעכען; אונגעריכט קומען, פלוצלונג ארייגפאהרען.

chopine' *n.* (טשא-פין') זעהר א הויכער קאריק פון א פרויען-שוך; א שאפען [א פראנצויזישע מאס פאר פליסיגקייטען].

chop'-logic *n.* (טשאפ'-לאדזש-איק) א דיספוטאנט; א בעל פלפול; א האר-שפאלטער; פערדרעהטע לאגיק.

chop'ness *n.* (טשאפ'-נעס) אזא מין לאפעטע.

chop off (טשאפ אף) אבהאקען.

chop out with (טשאפ אוט הוויטה) ארויספלאצען, ארויסטרעטען פלוצים מיט לשון.

chopped *a.* (טשאפט) צוהאקט.

chop'per *n.* (טשאפ'-ער) א פלייש-האקער ביי א קצב; א גארטען-לאפעטע.

chop'ping *a.* (טשאפ'-אינג) וואס שטראמט אין קליינע, געבראכענע וועלען [כוואליעס].

chop'ping-block *n.* (טשאפ'-אינג-בלאק) א האק-קלאץ [ווי ביי א קצב].

chop'ping-board *n.* (טשאפ'-אינג-באורד) א האק-ברעט [ווי אין קיך].

chop'ping-knife *n.* (טשאפ'-אינג-נאיף) א האק-מעסער.

chop'ping-mill *n.* (טשאפ'-אינג-מיל) א מיהל וואו עס ווערט גראב געמאהלען תבואה אלס פוטער פאר בהמות.

chop'ping sea (טשאפ'-אינג סיע) א שטורעמדיגער ים [וואו די כוואליעס ברעכען זיך און ווערען צוהאקט].

chop'ping-tray *n.* (טשאפ'-אינג-טריי) אזא הילצערנע מולטער צו האקען פלייש.

chop'py *a.* (טשאפ'-אי) פול מיט שפאלטען; צוטרעשטשעט; בעדעקט מיט קליינע, קורצע, געבראכענע וועלען [כוואליעס].

chops *n.* (טשאפס) דאס מויל; די באק; די קינבאק.

chops and chan'ges (טשאפּס ענד טשיינ'-דזשעז) וועקסעל-פעלע, ענדערונגען, א מאל ארויף א מאל אראב.

chop'-sticks *n.* (טשאפּ'-סטיקס) קליינע שטעקעלעך, וועלכע די כינעזער און יאפּאנעזער בענוצען צום עסען אנשטאט מעסער און גאפּעל.

Chop-sticks

chop-su'ey *n.* (טשאפּ-סו'-אי) אזא מין כינעזישער געריכט פון געקאכטע הוהן אדער חזיר מיט גרינסען געקאכט אין זייער אייגענעם סאוס.

chop up (טשאפּ אפּ) צוהאקען אין שטיקלעך; אוועקכאפּען.

chorag'ic *a.* (קא-רעדזש'-איק) וואס איז שייך צום כאראגוס [כאר-דיריגענט אין אלט-גריכישען טעאטער].

chora'gus *n.* (קא-ריי'-גאס) דער כאראגוס [כאר-דיריגענט אין טעאטער ביי די אלטע גריכען].

cho'ral *a. and n.* (קאו'-רעל) 1. וואס געהערט צו א כאר; 2. דער כאראל [א מוזיקאלישע קאמפּאזיציאן וואס דארף געזונגען ווערען פון כאר].

1. He organized a choral society.

cho'ral-book *n.* (קאו'-רעל-בוק) א זאמלונג פון מוזיקאלישע קאמפּאזיציאנען פאר א כאר; א זאמלונג פון כאר-ליעדער.

cho'rale *n.* (קאו'-רעל) א מוזיקאלישע קאמפּאזיציאן פאר א כאר.

chora'leon *n.* (קא-ריי'-לי-אן) אזא קירכען-ארגעל.

cho'ralist *n.* (קאו'-רעל-איסט) א כאר-זינגער; א פּערפאָרמער פון כאר מוזיק.

cho'rally *adv.* (קאו'-רעל-אי) אויף דעם אופן פון א כאר; אין כאר.

cho'ral ser'vice (קאו'-רעל סויר'-ווים) א גאטעס-דיענסט מיט מוזיק.

chorau'la *n.* (קא-ראה'-לא) דאס צימער אין א קירך וואו דער כאר מאכט פּראבע.

chord *n. and v.* (קאהרד) א סטרונע; א שטריקעל; אן אקארד [א הארמאנישע צוזאמענגיסונג פון מוזיקאלישע טענער]; א כארדע [א בעצייכענונג אין געאמעטריע פאר א גראדע ליניע וואס שניידט דורך א קרייז ניט אין צענטער]; קלינגען הארמאניש.

chor'dal *a.* (קאהר'-דעל) וואס איז שייך צו א סטרונע אדער אן אקארד.

chordom'eter *n.* (קאהר-דאמ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די דיק פון סטרונעס אדער שטריק.

chore *n.* (טשאור) הויז-ארבייט; די געוועהנליכע, שטענדיגע ארבייט אין א הויז, אויף א פארמע א. ד. ג.

chore'a *n.* (קא-רי'-ע) וויטעס-טאנץ [א מין קאנוואולסיווע נערווען-קראנקהייט].

chore'al *a.* (קא-רי'-על) וואס איז שייך צו וויטעס-טאנץ; וואס ליידעט פון וויטעס-טאנץ. ז. *chorea*.

chore'-boy *n.* (טשאור'-באי) א יונג וואס טהוט די שטענדיגע ארבייט אין א הויז, אויף א פארמע א. ד. ג.

choreg'raphy *n.* (קא-רעג'-רעפ-אי) כארעאגראפיע [דאס פארפאסען באלעטען].

chore'ic *a.* (קא-רי'-איק) ז. *choreal*.

chore'iform *a.* (קא-רי'-אי-פארם) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו דער קראנקהייט וויטעס-טאנץ.

chore'oid *a.* (קא-רי'-איד) ז. *choreiform*.

chorepis'copus *n.* (קאו-ריע-פיס'-קא-פאס) דער כארעפּיסקאפּ [א הויכער גייסטליכער אין ראנג צווישען א בישאף און פּרעסביטער].

chore'us *n.* (קא-רי'-אס) דער כארעאוס [א פארם פון שרייבען געדיכטע, וואו די טאקטען, אויף וועלכע יעדע שורה איז איינגעטיילט, בעשטעהען פון צוויי זילבען און דער אקצענט איז אויף דער ערשטער:

א'-וואס ‖ קלינגט'-איהר ‖ קיר'-כען ‖ גלא'-קען ‖
הערט'-שוין ‖ אויף'-גע ‖ נוג'-גע ‖ שרא'-קען].

cho'riamb *n.* (קאו'-רי-עמב) דער כאריאמבוס [א פארם פון שרייבען געדיכטע, וואו די טאקטען, אויף וועלכע יעדע שורה איז איינגעטיילט, בעשטעהען פון פיער זילבען: די ערשטע און די פיערטע לאנגע און די צוויי מיטעלע — קורצע, ווי | — ◡ ◡ — | — ◡ ◡ — |].

choriam'bus *n.* (קאו-רי-עמ'-באס) ז. *choriamb*.

cho'ric *a.* (קאו'-ריק) וואס איז שייך צו א כאר.

cho'rion *n.* (קאו'-רי-אן) די אויסערע הייטעל, אין וועלכער עס האלט זיך דער עמבריא [די זאמען-פרוכט אין דער געבעהר-מוטער, פון וועלכע דאס קינד ענטוויקעלט זיך].

cho'rist *n.* (קאו'-ריסט) א כאריסט, כאר-זינגער, משורר.

chor'ister *n.* (קאר'-איס-טער) א זינגער; א זינגער אין א קירכען-כאר; דער פיהרער פון א כאר.

cho'rograph *n.* (קאו'-רא-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט ביים אויפנעהמען א פּלאן פון א לאנדשאפט.

chorog'rapher *n.* (קא-ראג'-רע-פער) א כאראגראף, א לאנד-בעשרייבער [בעזאנדערס איינער וואס אונטערזוכט די ערטער וועלכע ווערען דערמאנט אין היסטאריע און בעשטימט זייער ריכטיגען פּלאץ].

chorograph'ic *a.* (קאו-רא-גרעפ'-איק) כאראגראפיש, לאנד-בעשרייבענד.

chorograph'ical *a.* (קאו-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *chorographic*.

chorograph'ically *adv.* (קאו-רא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א כאראגראפישען שטייגער. ז. *chorography*.

chorog'raphy *n.* (קא-ראג'-רע-פי) כאראגראפיע [די בעשרייבונג פון א לאנד; איבערהויפּט די בעצייכנונגען פון פעלצער וועלכע זיינען דערמאהנט אין אלטע שריפטען].

cho'roid *a.* (קאו'-ראיד) ווי די אויסערע הייטעל פון א זאמען-אייעלע. ז. *chorion*.

cho'roid coat (קאו'-ראיד קאוט) דאס מיטעלע הייטעל פון אויג-אפּעל.

chorolog'ical *a.* (קאו-רא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו לאנד-בעשרייבונג; וואס איז שייך צו דער געאגראפישער פערטיילונג פון חיות און פלאנצען.

chorol'ogist *n.* (קא-ראל'-א-דזשיסט) א קענער פון לאנד-בעשרייבונג, איינער וואס שטודירט די געאגראפישע פערטיילונג פון חיות און פלאנצען.

chorol'ogy *n.* (קא-ראל'-א-דזשי) די וויסענשאפט פון לאנד-בעשרייבונג; די וויסענשאפט פון דער געאגראפישער פערטיילונג פון חיות און פלאנצען [ד. ה. וועלכע חיות און פלאנצען אין יעדען לאנד געפינען זיך].

choroma'nia *n.* (קאו-רא-מיי'-ני-א) כאראמאניע [אן אונגארמאלער חשק צום טאנצען].

chorom'etry *n.* (קא-ראמ'-ע-טרי) די קונסט פון לאנד-מעסטונג.

cho'rus *n. and v.* (קאו'-ראס) א כאר, א קאמפּאניע זינגער; א מוזיק-שטיק וואס ווערט געזונגען אין כאר; זינגען אין כאר, מיט'ן גאנצען עולם.

chose *n.* (שאוז) א רעכטס-אביעקט [א זאך, א געגענשטאנד, וועלכע קען זיין איגענטום].

chose (טשאוז) אויסגעקליבען, אויסגעוועהלט. ז. *choose*.

cho'sen *a.* (טשאוזן) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען.

chough *n.* (טשאף) א מין קראהע [א שווארצער פויגעל].

chouse *v. and n.* (טשאוס) בעטריגען; אבטהאן א שטוקע, בעשווינדלען; א שווינדלער, בעטריגער; א טערקישער איבערזעצער.

chow'-chow *a. and n.* (טשאו'-טשאו) געמישט; פערשידענעס; א געמישעכץ; א געריכט פון געמישטע איינגעזייערטע ארטיקלען.

chow'der *n. and v.* (טשאו'-דער) פיש אדער אוסטריצעס געקאכט מיט געמיזע; קאכען פיש אדער אוסטריצעס מיט געמיזע.

chow'ry *n.* (טשאו'-רי) א סארט בעזימעל אדער פעכער צו פערטרייבען פליעגען [דיענט אין איינינע ערטער פון אזיען אלס א סימבאל פון קעניגליכער מאכט].

chrematis'tics *n.* (קריע-מע-טיס'-טיקס) די לעהרע וועגען בעזיץ אדער רייכטום; פּאליטישע עקאנאמיע.

chrestomath'ic *a.* (קרעס-טא-מעטה'-איק) וואס איז שייך צו א כרעסטאמאטיע. ז. *chrestomathy*.

chrestomath'ical *a.* (קרעס-טא-מעטה'-אי-קעל) ז. *chrestomathic*.

chrestom'athy *n.* (קרעס-טאמ'-ע-טהי) כרעסטאמאטיע, א מוסטער-זאמלונג [א לעזע-בוך פאר שילער, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך ליטעראטור פון פערשיעדענע שרייבער].

chrism *n. and v.* (קריזם) זאלבונגס-אויל [א זאלב, וואס ווערט געברויכט אין די קירכען ביי פערשיעדענע רעליגיעזע צערעמאניעס]; זאלבען מיט'ן הייליגען זאלב.

chris'mal *a. and n.* (קריז'-מעל) וואס געהערט צו דער זאלבונג אדער צום זאלבונגס אויל; דער אויל-קריגעל [אין קירכע]. ז. *chrism*.

chrisma'tion *n.* (קריז-מיי'-שאן) די בעשמירונג מיט זאלבונגס-אויל [א רעליגיעזע צערעמאניע אין די קאטוילישע און אנדערע קירכען].

chris'matory *n.* (קריז'-מע-טא-רי) דער אויל-קריגעל [א קריגעל אין וועלכען מען האלט זאלבונגס-אויל פאר געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס אין די קאטוילישע און אנדערע קירכען].

chris'om *n.* (קריז'-אם) דאס קינד, וועלכעס שטארבט אין ערשטען מאנאט נאך'ן געבורט.

chris'om-child *n.* (קריז'-אם-טשאילד) אן אונשולדיגעס קינד.

chris'om-cloth *n.* (קריז'-אם-קלאטה) דאס טויף-קלייד [א שטיק געאוילטע ליי-

וענד, אין וועלכע מען פלעגט אמאל איינ־וויקלען דאס קינד באלד נאך'ן טויפען].

Christ *n.* (קראיסט) יעזוס קריסטוס.

Christ'-child *n.* (קראיסט־טשאילד) דאס בילד פון קריסטוס אלס קינד.

christ'-cross *n.* (קריס־קראס) א קרייץ־צייכען אלס אן אונטערשריפט; דער אנ־הויב און דער סוף.

christ'cross-row *n.* (קריס־קראס־ראו) אן א־בע־צע [*a-b-c*].

chris'ten *v.* (קריסן) א טויפען; געבען א נאמען [ביי קריסטען].

Chris'tendom *n.* (קריס'נ־דאם) קריס־טענטום, די קריסטליכע וועלט: אלע די, וואס האלטען זיך אן קריסטליכען גלויבען.

chris'tening *n.* (קריס'נ־אינג) דאס טויפען; דאס געבען א נאמען [ביי קריס־טען].

Christ'hood *n.* (קראיסט'־הוד) קריס־טענטום.

chris'tian *n.* (קריס'־טשען) א דענישע גאלדענע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 4 אמעריקאנער דאלאר.

Chris'tian *n. and a.* (קריס'־טשען) א קריסט; דער וואס פיהרט זיך אויף לויט די פרינציפען פון די קריסטליכע לעהרען; קריסטליך; וואס האלט זיך אן דעם קריסט־ליכען גלויבען; וואס פיהרט זיך אויף לויט די פרינציפען פון קריסטענטום.

Christian'ity *n.* (קריס־טשי־ענ'־אי־טי) קריסטענטום; די קריסטליכע רעליגיאָן.

Christianiza'tion *n.* (קריס־טשען־אי־זיי'־שאן) דאס בעקעהרען צום קריסטענ־טום.

Chris'tianize *v.* (קריס'־טשען־איז) קריסטליך מאכען; בעקעהרען צום קריסט־ליכען גלויבען.

Chris'tianizer *n.* (קריס'־טשען־אי־זער) דער וואס בעקעהרט צום קריסטענטום.

Chris'tian name (קריס'־טשען ניים) דער טויף־נאמען, דער ערשטער נאמען.

Chris'tian Sci'ence (קריס'־טשען סאי'־ענס) אזא סיסטעם צו היילען קער־פערליכע און גייסטיגע קראנקהייטען גע־בויט אויף'ן גלויבען, אז אלץ אין דער וועלט איז געטליך און גייסטיג, און דע־ריבער אויב דעם מענשען טהוט עפעס וועה, איז דיזער וועהטאג ניט מעהר ווי זיין איינבילדונג, וועלכע איז צו איהם געקומען דורך זיין ניט רעליגיעזער, ניט קריסטליכער אויפפיהרונג. און דעריבער אויב דער מענש איז מיט אן אמת פרום און קריסטליך, קען צו איהם אזא איינביל־דונג ניט קומען און דערפון איז ער ממילא געזונד [דיעזע סיסטעם איז געגרינדעט אין אמעריקא פון פרוי עדדי אין יאהר 1866].

Chris'tian so'cialism (קריס'־טשען סאו'־שעל־איזם) דער קריסטליכער סאציא־ליזם [די סאציאליסטישע ריכטונג אין אמעריקא, וועלכע בעהויפטעט, אז דער מאדערנער סאציאליזם קען פערווירקליכט ווערען דורך א פאלשטענדיגע דורכפיה־רונג פון די פרינציפען און לעהרען פון קריסטענטום]; א געוויסע בעוועגונג אין ענגלאנד אין יאהר 1850 וואס איז בעשטא־נען פון א געמיש פון סאציאליסטישע און קריסטליכע פרינציפען.

Christ'less *a.* (קראיסט'־לעס) ניט קריסטליך; וואס פיהרט זיך אויף ניט לויט די קריסטליכע לעהרען; וואס גלויבט ניט אין קריסטוס.

Christ'like *a.* (קראיסט'־לאיק) קריסט־ליך.

Christ'liness *n.* (קראיסט'־לי־נעס) דאס זיין קריסטליך.

Christ'ly *a.* (קראיסט'־לי) קריסטליך.

Christ'mas *n.* (קריס־מעס) ווייהנאכטען [דער יום־טוב לכבוד קריסטוס'ס גע־בורטסטאג].

Christ'mas box (קריס'־מעס באקס) א ווייהנאכטס־מתנה.

Christ'mas cake (קריס'־מעס קייק) דער ווייהנאכטען־קוכען.

Christ'mas car'ol (קריס'־מעס קער'־על) דאס ווייהנאכטס־ליעד [א ליעד וואס ווערט געזונגען אין ווייהנאכטען לכבוד קריסטוס'ס געבורט].

Christ'mas eve (קריס'־מעס איעוו) ווייהנאכטס־אבענד.

Christ'mas pie (קריס'־מעס פאי) וויה־נאכטס־פאשטעט־קוכען.

Christ'mas pud'ding (קריס'־מעס פוד'־אינג) ווייהנאכטס־פודינג.

Christ'mas rose (קריס'־מעס ראוז) קריסט־ווארצעל [א מין פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען רויזען־עהנליכע בלו־מען און וועלכע בליהט אין ווינטער].

Christ'mas tale (קריס'־מעס טייל) די מעשה פון ווייהנאכטען.

Christ'mas-tide *n.* (קריס'־מעס־טאיד) די ווייהנאכטס־צייט, דער סעזאן פון וויה־נאכטען [פון 25טען דעצעמבער ביז דעם 6טען יאנואר].

Christ'mas tree (קריס'־מעס טריע) דער ווייהנאכטס־בוים [א יאלקע].

Christocen'tric *a.* (קריס־טא־סענ'־טריק) וואס איז שייך צו דער טענדענץ פון שטעלען קריסטוס'ען אין דעם צענטער פון דער וועלט־געשיכטע.

Christolog'ical *a.* (קריס־טא־לאדזש'־אי־קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען קריסטוס.

Christol'ogy *n.* (קריס־טאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען קריסטוס.

Christoph'any *n.* (קריס־טאפ'־ע־ני) די פארשטעלונג פון קריסטוס ערשיינונג נאך זיין טויט.

Christ's'-thorn *n.* (קראיסטס'־טהארן) אזא דארן־בוימעל, וועגען וועלכען די קריסטליכע לעגענדע דערצעהלט, אז מען האט פון איהם געמאכט דעם דארן־קראנץ אויף קריסטוס'עס קאפ.

chro'ma *n.* (קראו'־מא) גאמא אן ארט פון מוזיקאלישע טענער; אן עדעלע פארם פון ריידען ניט צו בעליידיגען די צוהע־רער; די שאטירונגען פון קאלירען אין זייער פערשטארקונג שטופענווייז [ווי למשל פון גרוי ביז ווייס].

Chro'ma *n.* (קראו'־מא) א מין אינזעק־טען מיט שופען־פליגעל־פליגעלעך [די פליגעלעך האבען דעם אויסזעהן ווי שופען פון א פיש].

chromam'eter *n.* (קרא־מעמ'־ע־טער) א כראמאמעטער [אן אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט צום אנשטעלען דעם טאן פון פיאנאס.

chro'mascope *n.* (קראו'־מע־סקאופ) אן אפטישער אפאראט צו ווייזען געוויסע עפעקטען פון קאלירען.

chro'mate *n.* (קראו'־מייט) א זאלץ פון כראם־זויערע [א כעמישער פראדוקט].

chromat'ic *a.* (קרא־מעט'־איק) פאר־ביג; וואס איז שייך צו פארבען; וואס ווערט געשפיעלט אין פרעמדע טענער, ניט לויט דעם געוועהנליכען טאן־לייטער.

chromat'ic attach'ment (קרא־מעט' איק ע טעטש'־מענט) אן אפאראט וואס ווערט צוגעשטעלט צו א דרוק־מאשין צום דרוקען אין מעהרערע פארבען.

chromat'ic inten'sity (קרא־מעט'־איק אינ־טענ'־סי־טי) די שטארקייט פון א פארבען־שאטירונג וועלכע געהט שטו־פענווייז פון בלאסערע קאלירען צו הע־לערע.

chromat'ic prin'ting (קרא־מעט'־איק פרינ'־טינג) פארבען־דרוקעריי [א דרוק־זאך אין פערשיעדענע פארבען און שאטי־רונגען עהנליך צום רעגען־בויגען].

chromat'ic prin'ting-press (קרא־מעט'־איק פרינ'־טינג־פרעס) א דרוק־מאשין צום דרוקען מיט מעהרערע פארבען אויף א מאל.

chromat'ics *n.* (קרא־מעט'־איקס) די פארבען־לעהרע; די לעהרע אדער וויסענ־שאפט וועגען קאלירען.

chromat'ic type (קרא־מעט'־איק טאיפ) אזעלכע בוכשטאבען וועלכע ווערען בענוצט צום דרוקען אין פארבען [ד. ה. אז יעדער בוכשטאב זאל זיין געדרוקט אין מעהרערע פארבען].

chro'matize *v.* (קראו'־מע־טאיז) דורכ־ווייקען מיט כראם.

chromatog'enous *a.* (קראו־מע־טאדזש'־ע־נאס) וואס בילדעט פארבען.

chro'matograph *n.* (קראו'־מע־טא־גרעף) אן אפאראט צו בילדען פערשיעדע־נע שאטירונגען פון קאלירען.

chromatog'raphy *n.* (קראו־מע־טאג'־רע־פי) די בעשרייבונג פון קאלירען.

chromatol'ogy *n.* (קראו־מע־טאל'־א־דזשי) די קאלירען־לעהרע; די וויסענ־שאפט וועגען קאלירען.

chromatom'eter *n.* (קראו־מע־טאמ'־ע־טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען אדער אונטערשיידען קאלירען.

chromatop'sia *n.* (קראו־מע־טאפ'־סי־א) אן אוננארמאלער צושטאנד, ווען פאר די אויגען שוועבען קאלירען, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט ניטא אדער ווען מען זעהט זאכען ניט אין זייער ווירק־ליכען קאליר.

chro'matopsy *n.* (קראו'־מע־טאפ־סי) ז. *chromatopsia*.

chro'matoscope *n.* (קראו'־מע־טא־סקאופ) דער כראמאטאסקאפ [אן אינ־סטרומענט צו פעראייניגען פערשיעדענע קאלירען וואס שיינען אב פון בעזונדערע אויבערפלעכען].

chro'matrope *n.* (קראו'־מע־טראופ) דער כראמאטראפ [אזא מין שפיעל־צייג וואס בעשטעהט פון א רעדעל וועלכער איז געצייכענט מיט פערשיעדענע קאלירען אין אזא ארדנונג, דאס ווען מען דרעהט איהם דוכט זיך, אז שטראמען קאלירען פליהען פון צענטער אדער צו איהם].

chrome *n. and v.* (קראום) [א כראם מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד עלעמענטען]; כראמירען [אן ארט וואַ־שען ביי קליידער־פארבער].

chrome'-black *n.* (קראומ'־בלעק) כראם־שווארץ [אזא פארב אין קליידער־פארבעריי].

chrome'-col'or *n.* (קראומ'־קאל'־אר) כראם־פארב [א פארב וואס איז געמאכט פון א געוויסע כראם־זאלץ].

chrome'-green *n.* (קראומ'־גריען) כראם־גרין [א פארב געמישט פון כראם־געלב מיט פרייסישע בלוי].

chrome'-or'ange *n.* (קראומ'־אר'־ענדזש) אזא העל־געלבע פארב.

chrome'-red *n.* (קראומ'-רעד) כראם=רויט [א העל=רויטע פארב].

chrome'-yel'low *n.* (קראומ'-יעל'-או) כראם=געלב [א העל=געלבע פארב].

chro'mic *a.* (קראו'-מיק) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון כראם.

chro'mic ac'id (קראו'-מיק עס'-איד) כראם=זויער [א כעמישער פראדוקט].

chromiom'eter *n.* (קראו-מי-אמ'-ע-טער) אן אפאראט צו פרובירען וואסער אויף וויפיעל עס איז ריין פון פארב=שטאפען.

chro'mite *n.* (קראו'-מאיט) דער כראמיט, א מין מינעראל, וואס ענטהאלט כראם; די ערץ פון כראם=אייזען.

chro'mium *n.* (קראו'-מי-אם) כראם [א מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען. אין ריינעם צושטאנד האט ער דעם אויסזעהן פון א העל=גרינעם פולווער פון קליינע קריסטאלכעלעך].

chro'mo *n.* (קראו'-מאו) פערקירצונג פון *chromolithograph*

chro'mogen *n.* (קראו'-מא-דזשען) די פארב=שטאף פון פלאנצען.

chro'mograph *n.* (קראו'-מא-גרעף) א העקטאגראף. ז. *hectograph*

chromolith'ograph *n. and v.* (קראו-מא-ליטה'-א-גרעף) א בילד געדרוקט אין פארבען; דרוקען בילדער אין פארבען.

chromolithog'rapher *n.* (קראו-מא-לי-טהאג'-רע-פער) דער וואס דרוקט בילדער אין פארבען.

chromolithograph'ic *a.* (קראו-מא-ליטה-א-גרעפ'-איק) וואס איז געדרוקט אין פארבען; וואס איז שייך צו כראמאליטאגראפיע.

chromolithog'raphy *n.* (קראו-מא-לי-טהאג'-רע-פי) כראמאליטאגראפיע [דאס דרוקען בילדער אין פערשיעדענע פארבען].

chromoph'orous *a.* (קרא-מאפ'-א-ראס) וואס גיט ארוים קאלירען.

chromophotog'raphy *n.* (קראו-מאו-פא-טאג'-רע-פי) דאס פאטאגראפירען אין פערשיעדענע קאלירען.

chro'mosphere *n.* (קראו'-מא-ספיער) דער שיכט פון גליהענדען רויטען גאז, וואס רינגעלט ארום די זון.

chromospher'ic *a.* (קראו-מא-ספער'-איק) וואס איז שייך צו דעם גליהענדען רויטען שיכט, וואס רינגעלט ארום די זון.

chro'motype *n.* (קראו'-מא-טאיפ) א פאטאגראפישער פראצעס, וואו עס ווערט בענוצט א געוויסער כראם=זאלץ אלס דער הויפט ליכט=עמפפינדליכער פאקטאר [אזא ארט פאטאגראפיע ווערט געברויכט ספעציעל צו פאטאגראפירען פלאנצען מיט זייערע קאלירען]; א פאטאגראפישעס בילד אין קאלירען; א כראמאליטאגראף.

chromotyp'ic *a.* (קראו-מא-טיפ'-איק) וואס איז שייך צו פארבען=דרוקעריי. ז. *chromotype*

chromotypog'raphy *n.* (קראו-מאו-טאי-פאג'-רע-פי) פארבען=דרוקעריי.

chro'mous *a.* (קראו'-מאס) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון כראם=מעטאל.

chron'ic *a.* (קראנ'-איק) כראניש; לאנג=שטעהענד, דויערענד.

He is suffering with **chronic** indigestion.

chron'ically *adv.* (קראנ'-אי-קעל-אי) אויף א כראנישען אדער דויערענדען אופן.

chronic'ity *n.* (קרא-ניס'-אי-טי) דאס זיין כראניש; דאס לאנג דויערען.

chron'icle *n. and v.* (קראנ'-איקל) א פנקס; א כראניק; א צייט=געשיכטע [א פערצייכנונג פון פאקטען און פאסירונגען לויט די דאטען, אין וועלכע זיי זיינען געשעהן, און ניט לויט זייער אינערליכער פערבינדונג]; פערשרייבען אין כראניקעס.

The history of the Jews of Russia can be written on the basis of numerous **chronicles.**

chron'icler *n.* (קראנ'-אי-קלער) א כראניקעס שרייבער; א פערצייכנער פון פאסירונגען.

chron'ogram *n.* (קראנ'-א-גרעם) דאס כראנאגראם [דאס יאהר פון א געוויסער געשעהענים, וועלכע ווערט אנגעצייגט דורך בוכשטאבען אין א זאץ. למשל, דער ווילנער גאון איז געשטארבען אין יאהר תקנ"ח. ווען מען בעצייכענט דאס יאהר תקנ"ח מיט די בוכשטאבען פון זאץ: "ויעל אליהו בסערה השמים" — איז דאס א כראנאגראם].

chronogrammat'ic *a.* (קראנ-א-גרע-מעט'-איק) כראנאגראמאטיש; וואס איז שייך צו א כראנאגראם. ז. *chronogram*

chronogrammat'ical *a.* (קראנ-א-גרע-מעט'-אי-קעל) ז. *chronogrammatic*

chronogrammat'ically *adv.* (קראנ-א-גרע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א כראנאגראמאטישען אופן. ז. *chronogram*

chronogram'matist *n.* (קראנ-א-גרעמ'-ע-טיסט) א שרייבער פון כראנאגראמען. ז. *chronogram*

chron'ograph *n.* (קראנ'-א-גרעף) א כראנאגראם ז. *chronogram*; אן אינסטרומענט, וועלכער בעצייכענט גענוי די צייט פון א פאסירונג [ווי אן ערד=ציטערניש, די ערשיינונג פון א קאמעט א. ד. ג.]; אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע אינטערוואלען פון צייט [ווי האלבע סעקונדען, פיערטעל סעקונדען א. ז. וו.].

chronog'rapher *n.* (קרא-נאג'-רע-פער) א כראניקעס שרייבער.

chronol'oger *n.* (קרא-נאל'-א-דזשער) א כראנאלאגיסט [איינער וואס פערשרייבט פאקטען און געשעהניסען לויט די דאטען, אין וועלכע זיי האבען פאסירט איינע נאך די אנדערע, און ניט לויט זייער אינערליכער פערבינדונג].

chronolog'ical *a.* (קראנ-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו כראנאלאגיע. ז. *chronology*

It is interesting to know the different events in the history of America in their **chronological** order.

chronolog'ically *adv.* (קראנ-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א כראנאלאגישען אופן; לויט דעם סדר פון דיא פאסירונגען.

chronol'ogist *n.* (קרא-נאל'-א-דזשיסט) ז. *chronologer*

chronol'ogize *v.* (קרא-נאל'-א-דזשאיז) ארדענען לויט א כראנאלאגישען סדר; צונויפשטעלען פאסירונגען נאך דעם סדר פון זייערע דאטען.

chronol'ogy *n.* (קרא-נאל'-א-דזשי) די כראנאלאגיע [א פערצייכנים פון היסטארישע פאקטען לויט די דאטען אין וועלכע זיי האבען פאסירט איינע נאך די אנדערע און ניט לויט זייער אינערליכער פערבינדונג].

A knowledge of **chronology** is essential to historians.

chronom'eter *n.* (קרא-נאמ'-ע-טער) דער כראנאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די צייט, ווי א זייגער אדער אנדערע אזעלכע אינסטרומענטען]; א מעטראנאם, א טאקט=מעסטער [אין מוזיק].

chronomet'ric *a.* (קראנ-א-מעט'-ריק) וואס געהערט צו צייט=מעסטונג; וואס איז שייך צו א כראנאמעטער; געמאסטען מיט א כראנאמעטער.

chronomet'rical *a.* (קראנ-א-מעט'-רי-קעל) ז. *chronometric*

chronom'etry *n.* (קרא-נאמ'-ע-טרי) די קונסט צו רעכענען די צייט; דאס רעכענען די צייט, צוטיילענדיג איהר אויף בעזונדערע חלקים.

chron'oscope *n.* (קראנ'-א-סקאופ) דער כראנאסקאפ [אן אינסטרומענט וואס בעווייזט זעהר קליינע אינטערוואלען פון צייט, ווי א צעהנטעל אדער א הונדערטעל פון א סעקונדע].

chronos'copy *n.* (קרא-נאס'-קא-פי) די קונסט צו מעסטען גאנץ קליינע צייט=אינטערוואלען.

chrys'alid *n. and a.* (קרים'-ע-ליד) די אינזעקטען=פופע; וואס איז שייך צו אן אינזעקטען=פופע. ז. *chrysalis*

chrys'alis *n.* (קרים'-ע-לים) די אינזעקטען=פופע, די קוקאלקע [א געוויסע פארם אין דער ענטוויקלונג פון אן אינזעקט: פון ווערימעל, וואס געהט ארוים פון אייעלע, ענטוויקעלט זיך די אינזעקטען=פופע און פון דיעזער פופע — דער אינזעקט אליין].

chrysan'themum *n.* (קרי-סענ'-טהי-מאם) די גאלד=בלום.

chryselephan'tine *a.* (קרים-על-ע-פענ'-טין) געמאכט פון גאלד און עלעפאנט=ביין.

chrys'oberyl *n.* (קרים'-א-בער-איל) אזא גרין=געלבליכער עדעלשטיין.

chrys'ograph *n.* (קרים'-א-גרעף) א מאנוסקריפט וואס איז געשריבען מיט גאלדענע אותיות.

chrysog'raphy *n.* (קרי-סאג'-רע-פי) קריזאגראפיע [די קונסט צו שרייבען מיט גאלדענע בוכשטאבען]; דאס האפטען מיט גאלד.

chrys'oid *n.* (קרים'-איד) אזא לעגירונג פון מעטאל וואס איז עהנליך צו גאלד [בעשטעהט פון קופער, אלומיניום און זילבער].

chrys'olite *n.* (קרים'-א-לאיט) דער קריזאליט [א טייערער גרינער שטיין, געפינט זיך אין עגיפטען און בראזיליען].

chrys'oprase *n.* (קרים'-א-פרייז) דער קריזאפראז, דער גרינער כאלצעדאן [א מין עדעלשטיין]. ז. איל. *"Gems"*

chub *n.* (טשאב) דער דיק=קאפ [אזא פיש]; איינער וואס איז קורץ און דיק.

chub'biness *n.* (טשאב'-אי-נעס) דאס זיין דיק און פעט.

chub'by *a.* (טשאב'-אי) קורץ און דיק; רונד; פריש און שעהן.

The child has a **chubby** face.

chub'-cheeked *a.* (טשאב'-טשיעקט) וואס האט פולע, דיקע באקען.

chub'-faced *a.* (טשאב'-פייסט) האבענדיג א דיק, רונד געזיכט.

chuck *v. and n.* (טשאק) קוואקטשען, שרייען ווי א הוהן; געבען א לייכטען שטויס; א קניפ טהאן אין בעקעל; א ווארף טהאן; דאס קוואקטשען [פון א הוהן]; טייבעלע! [א צערטליכער צורוף]; א קניפ; א לייכטער שטויס; א ים=מושעל; א זייט רינד=פלייש [דער פאדער=פיערטעל]; א קליין שטיינדעל; אזא קלעצעל צו א טאק=מאשין; א סורקע [א מין חיה'לע].

chuck'-far'thing *n.* (טשאק'-פאר'-טהינג) א מין קינדערשע שפיעל, ביי וועל=

כער מען שנעלט אריין א קופערנע מטבע איז א גריבעלע.

chuck'-full *a.* (טשאק'-פול) *choke-full* ז.

chuck'ie *n.* (טשאק'-אי) א הינדעלע.

chuck'-lathe *n.* (טשאק'-לייטה) אזא טאק-מאשין.

chuck'le *v. and n.* (טשאקל) 1. כיכעז, לאכען איינגעהאלטענערהייד אין זיך; קוואקטשען ווי א הוהן; גלעטען אונטער דער מארדע; 2. דאס כיכיקען; אן איינגעהאלטענער געלעכטער.

1. We chuckled at his remarks.

chuck'le-head *n.* (טשאקל'-העד) א גראבער קאפ, א פויערשער קאפ.

chuck'le-head'ed *a.* (טשאקל'-העד'-עד) וואס האט א גראבען קאפ; דום, נאריש.

chuff *n. and a.* (טשאף) א פראסטער יונג; דארפיש, גראב, אהן ערציהונג.

chuf'fily *adv.* (טשאפ'-אי-לי) אויף א גראבען אופן; דום, נאריש.

chuf'finess *n.* (טשאפ'-אי-נעס) גראבקייט; דיקקייט.

chuf'fy *a.* (טשאפ'-אי) גראב אין כאראקטער; מיט גראבע באקען.

chug *v.* (טשאג) פאנגען פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chug'ger *n.* (טשאג'-ער) איינער וואס כאפט פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chug'ging *n.* (טשאג'-אינג) דאס פאנגען פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chum *n. and v.* (טשאם) 1. א לייב-חבר; איינער פון צוויי פריינד, וועלכע וואהנען אין איין צימער [ווי סטודענטען]; 2. שטיקלעך געאוילטע פיש, וואס מען טשעפעט אן אויף א ווענטקע צו כאפען פיש; 3. דער בלאק אין וועלכען עס שטעלט זיך אריין א כלי אום זי צו דרעהען [אין טעפעריי]; 4. א ביידעל; א הייזקע; 5. פערנעהמען א צימער נאך מיט איינעם, מיט א לייב-חבר; אננעהמען אלס חבר פון צימער; 6. כאפען פיש מיט בעאוילטע שטיקלעך פיש, וואס מען טשעפעט אן אויף דער ווענטקע.

1. We have been chums from childhood. 5. They chummed through their student days at the university.

chum'mage *n.* (טשאמ'-עדזש) שכנות אין איין צימער, קאמעראדשאפט; דער טייל פון הוצאות וואס פאלט אויף יעדען איינעם פאר געמיינשאפטליכעס וואהנען אין איין צימער.

chum'my *a.* (טשאמ'-אי) וואס ווערט לייכט א לייב-חבר; אינטים בעפריינדעט.

chump *n.* (טשאמפ) א קלאץ; א גראבעס און קורצעס קלעצעל; א דומער יונג, א "פלאקעץ".

chump'-end *n.* (טשאמפ'-ענד) דער דיקער ענד פון א פאלקע; א דיקער ענד.

chunk *n.* (טשאנק) 1. א גראבע און קורצע זאך; 2. א גראבער און קורצער מענש; 3. א מין אינדישע שפיעל.

1. The child is holding a chunk of ice in his hand.

chunk'head *n.* (טשאנק'-העד) דער קופער-קאפ שלאנג.

chun'ky *a.* (טשאנ'-קי) גראב און קורץ.

church *n. and a.* (טשורטש) א קירך, א קלויסטער; וואס איז שייך צו א קירך.

church'-bell *n.* (טשורטש'-בעל) דער קירכען-גלאק.

church'-bred *a.* (טשורטש'-ברעד) ערצויגען צו דיענען דער קירך; רעליגיעז ערצויגען.

church'-due *n.* (טשורטש'-דיו) די אבצאהלונג וואס מיטגליעדער פון א קירך צאהלען אויף איהר אויסהאלטונג.

church'-go'er *n.* (טשורטש'-גאו'-ער) א קירכען-בעזוכער, איינער וואס געהט אין קירך.

church'-go'ing *a.* (טשורטש'-גאו'-אינג) וואס געהט אין קירך.

A church-going man.

church his'tory (טשורטש היס'-טא-רי) קירכען-געשיכטע.

church'ism *n.* (טשורטש'-איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן די דינים און מנהגים פון קירך.

church'-land *n.* (טשורטש'-לענד) קירכען-לאנד [לאנד וואס בעלאנגט צו א קירך].

church'-law *n.* (טשורטש'-לאה) קירכען-רעכט.

church'less *a.* (טשורטש'-לעס) אהן א קירך, ניט בעלאנגענדיג צו קיין קירך.

church'-like *a.* (טשורטש'-לאיק) ווי א קירך; פרום, רעליגיעז.

church'liness *n.* (טשורטש'-לי-נעס) קירכליכקייט.

church'ly *a.* (טשורטש'-לי) קירכליך; וואס בעלאנגט צו דער קירך.

church'man *n.* (טשורטש'-מען) א גייסטליכער; אן אנהענגער פון דער קירך.

church'manlike *a.* (טשורטש'-מענ-לאיק) ווי א גייסטליכער; וואס איז שייך צו א גייסטליכען.

church'manship *n.* (טשורטש'-מענ-שיפ) דאס זיין א גייסטליכער אדער א מיטגליעד פון א קירך.

church'-mem'ber *n.* (טשורטש'-מעמ'-בער) א מיטגליעד פון א קירך.

church'-mem'bership *n.* (טשורטש'-מעמ'-בער-שיפ) די מיטגליעדערשאפט פון א קירך.

church'-mouse *n.* (טשורטש'-מאוס) א קירכען-מויז [אלס א ביישפיעל פאר גרויס ארימקייט, ווייל אין א קירך קען א מויז גאר נישט בעקומען צום עסען].

Poor as a church-mouse.

church'-mu'sic *n.* (טשורטש'-מיו'-זיק) קירכען-מוזיק.

Church of Rome (טשורטש אוו ראום) די קאטוילישע קירך.

church'-pow'er *n.* (טשורטש'-פאו'-ער) די קירכען-געוואלט, די מאכט פון דער קירך.

church'-rate *n.* (טשורטש'-רייט) קירכען-שטייער.

church ser'vice (טשורטש סויר'-וויס) די גאטעס-דיענסט אין קירך; דער סידור-תפילות אין קירך.

church'ship *n.* (טשורטש'-שיפ) קירכענשאפט; דאס זיין ארגאניזירט אין א קירך; דאס האבען איינענע געבעטס-הייזער.

church text (טשורטש טעקסט) אין דרוקעריי — אזא לענגליכע שמאלע שריפט [ווערט אזוי גערופען, ווייל אין דיעזער שריפט דרוקט מען אפט רעליגיעזע ביכער].

This is Church Text.

church'-town *n.* (טשורטש'-טאון) א שטעדטעל אדער דארף וואס איז ניט ווייט פון א קירך.

church'warden *n.* (טשורטש'-וואררדן) דער פאריטשטעהער און אויפזעהער פון דער קירך [אין ענגלאנד]; דער באקלאן [א מין פויגעל].

church'wardenship *n.* (טשורטש'-וואררדנ-שיפ) דאס אמט פון א קירכען-פארשטעהער.

church'way *n.* (טשורטש'-וויי) דער וועג וואס פיהרט צו א קירך; א שטעגעלע אין א קירכען-בית-עלמין.

church'woman *n.* (טשורטש'-וואומ-ען) א פרוי וואס בעלאנגט אלס מיטגליעד אין א קירך, בעזאנדערס אין דער אנגליקאנישער קירך.

church'-work *n.* (טשורטש'-וואירק) קירכען-ארבייט.

church'-writ *n.* (טשורטש'-ריט) א שריפט פון א קירכליכען געריכט.

chur'chy *a.* (טשויר'-טשי) קירכליך.

church'yard *n.* (טשורטש'-יארד) א קריסטליכער בית-עולם.

church'yard cough (טשורטש'-יארד קאהף) א שווינדזיכטיגער הוסט.

churl *n. and a.* (טשורל) א גראבער יונג, א פראסטאק; א קמצן; נאריש, גראב.

chur'lish *a.* (טשויר'-ליש) פויעריש, אונגעבילדעט, גראב, איינגענוציג, איינגעעקשנ'ט.

chur'lishly *adv.* (טשויר'-ליש-לי) אויף א גראבען אופן.

chur'lishness *n.* (טשויר'-ליש-נעס) גראבקייט; קארגשאפט.

churn *n. and v.* (טשוירן) א קאלאטויקע [א כלי אין וועלכער מען שלאגט אויס פוטער]; שלאגען פוטער.

chur'ning *n.* (טשויר'-נינג) 1. דאס אויסשלאגען פוטער; 2. דאס קוואנטום [מאס] פוטער, וואס ווערט אויסגעשלאגען פאר איין מאל.

1. Churning butter is tiresome work. 2. We make 10 pounds of butter at one churning.

churn'-jum'per *n.* (טשוירן'-דזשאמ'-פער) א בראך-אייזען [אזא לאנגער אייזען מיט א שטאלענעם שפיץ, וואס ווערט געברויכט ביים ברעכען שטיינער].

churn'-milk *n.* (טשוירן'-מילק) מאסליאנקע [מילך וואס בלייבט נאך פון אויסגעשלאגענע פוטער].

churn'-owl *n.* (טשוירן'-אול) דער ציגען-מעלקער [א מין נאכט-פויגעל].

churn'-staff *n.* (טשוירן'-סטאף) א שטעקעל מיט א ברעטעל ביים ענד מיט וועלכען מען שלאגט פוטער.

churr'-worm *n.* (טשויר'-וואירם) א מין גריל.

chute *n.* (שוט) 1. אזא איינגעבויגענע רינע, דורך וועלכער זאכען ווערען אראבגעגליטשט פון אויבען אראב; 2. א שטרודעל, א שטארקער שטראם דורך וועלכען מען טרייבט געהילץ; 3. אן אפענער פלאץ אין א דאמבע דורך וועלכער מען לאזט דורך פליטען.

1. The bag was thrown into the cellar through a chute.

chyla'ceous *a.* (קאי-ליי'-שיאס) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון מילך-זאפט.

chyle *n.* (קאיל) קילוס [דער נאהרונגס-זאפט פון שפייזען וואס ווערט איבערגעקאכט אין די געדערים נאכדעם ווי ער קומט פון מאגען].

chylifac'tion *n.* (קאי-לי-פעק'-שאן) די פערוואנדלונג פון שפייזען אין נאהרונגס-זאפט.

chylifac'tive *a.* (קאי-לי-פעק'-טיוו) וואס בילדעט אויס דעם נאהרונגס-זאפט פון שפייזען. *chyle* ז.

chylif'erous *a.* (קאי-ליפ'-ע-ראס) וואס

ענטהאלט דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chylif'ic *a.* (קאי-ליפ'-איק) וואס פערוואנדעלט די שפייזען אין נאהרונגס־זאפט.

chylifica'tion *n.* (קאי-לי-פי-קיי'-שאן) די פערוואנדלונג פון שפייזען אין נאהרונגס־זאפט. ז. *chyle*

chylif'icatory *a.* (קאי-ליפ'-אי-קיי-טא רי) וואס שאפט דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chy'lify *v.* (קאי'-לי-פאי) פערוואנדלען אין נאהרונגס־זאפט. ז. *chyle*

chy'lous *a.* (קאי'-לאס) וואס בעשטעהט פון דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chyme *n.* (קאים) קימוס [שפייז וואס איז איבערגעקאכט אין מאגען און איז אריין אין די קישקעס].

chymif'erous *a.* (קאי-מיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט איבערגעקאכטע שפייז פון מאגען.

chymifica'tion *n.* (קאי-מי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען שפייז אין קימוס. ז. *chyme*

chy'mify *v.* (קאי'-מי-פאי) פערוואנדלען די שפייז אין קימוס. ז. *chyme*

chy'mous *a.* (קאי'-מאס) וואס איז שייך צו די איבערגעקאכטע שפייז וואס געהט ארויס פון מאגען אין די קישקעס.

ciba'rian *a.* (סי-ביי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דער סטרוקטור אדער געבוי פון די מויל־ארגאנען.

ciba'rious *a.* (סי-ביי'-רי-אס) וואס איז שייך צו עסענווארג; עסבאר, וואס מען קען עסען.

cib'ol *n.* (סיב'-אל) שארלאט [א מין קליינע ציבעלע].

cibo'rium *n.* (סי-באו'-רי-אם) דער באלדאכין, די חופה איבער'ן אלטאר [אין א קירך]; די כלי, אין וועלכער מען האלט דאס הייליגע ברויט אין קירך.

cica'da *n.* (סי-קיי'-דע) דער בוים־גריל [א מין אינזעקט].

cic'atrice *n.* (סיק'-ע-טרים) א שראם, א נארב [דאס צייכען וואס בלייבט פון א פערהיילטער וואונד].

cicatri'cial *a.* (סיק-ע-טריש'-על) וואס איז שייך צו א שראם אדער נארב.

cic'atricle *n.* (סיק'-ע-טריקל) די נארבע [אין באטאניק — דער פלאץ, וואו דער ווייבליכער ארגאן פון דער פלאנצע עמפפאנגט די מענליכע פלאנצליכע זריעה]; דער בלוטס־טראפען אויף א יעלכעל פון אן איי.

cic'atrisive *a* (סיק'-ע-טראי-סיוו) וואס ווירקט עס זאל זיך אויסבילדען א שראם אדער נארב [עס זאל זיך פערהיילען די וואונד].

cica'trix *n.* (סי-קיי'-טריקס) ז. *cicatrice*

cic'atrizant *n. and a.* (סיק'-ע-טראי-זענט) א מיטעל וואס ציהט צונויף א וואונד און עס בלייבט נור א שראם אדער נארב; וואס בילדעט אויס א שראם [נאך דער אויסהיילונג פון וואונד].

cicatriza'tion *n.* (סיק-ע-טרי-זיי'-שאן) די היילונג פון א וואונד.

cic'atrize *v.* (סיק'-ע-טראיז) היילען א וואונד; איבערגעצויגען ווערען מיט א הויט.

cic'ely *n.* (סיס'-ע-לי) די שירם־פלאנצע [פון דעם מין פלאנצען וואס וואקסען אין דער פארם פון א זונען־שירם].

Ci'cer *n.* (סאי'-סער) אזא מין שויטען־פלאנצען, וועלכע וואקסען אין אזיען און ביי די ברעגען פון מיטעל־לענדישען ים.

cicero'ne *n.* (סיס-ע-ראו'-ני) א פרעמדען־פיהרער [איינער וואס פיהרט ארום א פרעמדען און ווייזט איהם אלע מערקווירדיגקייטען פון א פלאץ].

Cicero'nian *a.* (סיס-ע-ראו'-ני-ען) וואס איז שייך צו ציצעראן [א בעריהמטער רוימישער קאנסול און רעדנער].

cichoria'ceous *a.* (סי-קאו-רי-איי'-שיאס) וואס בעלאנגט צו אדער איז עהנליך צו ציקאריע.

Cicho'rium *n.* (סי-קאו'-רי-אם) די פלאנצען פון דעם ציקאריע מין.

cicis'beism *n.* (סי-סיס'-בי-איזם) קאמפלימענטען־מאכעריי צו א פרוי; דאס זיין א גאלאנטער קאוואליער.

cicis'beo *n.* (סי-סיס'-בי-או) א הויז־פריינד און פערעהרער פון א פערהייראטער פרוי; א נאכלויפער נאך פרויען.

ci'der *n.* (סאי'-דער) עפעל־קוואס, עפעל־וויין.

ci'der-mill *n.* (סאי'-דער-מיל) די פאבריק וואו עס ווערט געמאכט עפעל־קוואס.

ci'der-press *n.* (סאי'-דער-פרעס) דער פרעס מיט וועלכען מען מאכט עפעל־קוואס.

ci-devant' *a.* (סי-דע-וואן') וואס איז געוועזען; פון א מאל, פון פריהער.

cierge *n.* (סירדזש) א וועקסענע ליכט, וואס ברענט נעבען אלטאר [אין קירך].

C. I. F. ראשי תבות פון *carriage, insurance, freight* [די אלגעמיינע פראכט־קאסטען].

cigar' *n.* (סי-גאר') א ציגאר.

cigar'-bun'dler *n.* (סי-גאר'-באנ'-דלער) אזא מאשין וואס פאקט ציגארען אין פעקלעך.

cigarette' *n.* (סיג-ע-רעט') א ציגארעט, א פאפיראס.

cigarette'-pa'per *n.* (סיג-ע-רעט'-פיי'-פער) פאפיראס־פאפיער.

cigar'-fish *n.* (סי-גאר'-פיש) דער ציגאר־פיש [אזא פיש וואס האט די פארם פון א ציגאר].



Cigar-fish

cigar'-hol'der *n.* (סי-גאר'-האול'-דער) א ציגארען־שפיץ.

cigar'-press *n.* (סי-גאר'-פרעס) א פרעס וואס ווערט בענוצט צונויפצופרעסען ציגארען וועלכע דארפען פערפאקט ווערען אין קעסטעלעך.

cil'ia *n.* (סיל'-אי-ע) די האר פון די אויגען־ברעמען [ווימפערען]. ז. *cilium*

cil'iary *a.* (סיל'-אי-איי-רי) וואס געהערט צו די אויגען־ברעמען [ווימפערען]; וואס איז אין אדער ארום דעם אויג.

cil'iate *a.* (סיל'-אי-אייט) וואס האט קליינע הערעלעך. ז. *cilium*

cil'iated *a.* (סיל'-אי-איי-טעד) ז. *ciliate*

cil'ium *n.* (סיל'-אי-אם) די האר פון די אויגען־ברעמען [ווימפערען]; א געוויקס, אן ארויסשטארצונג אין דער פארם פון א קליין הערעלע ביי א צעלע אדער מיקראסקאפישע חיה'לע, וועלכע דיענט איהר אלס דער ארגאן פון פערנעהמען נאהרונג; איינע פון די קליינינקע הערעלעך ביי די ראנדען פון א בלום אדער פון א בלאט.

ci'meter *n.* (סי'-מי-טער) א פאלאש, א טערקישער שווערד.

Ci'mex *n.* (סאי'-מעקס) דער מין וואנצען־אינזעקטען.

ci'mex *n.* (סאי'-מעקס) א וואנץ.

cimi'ceous *a.* (סי-מיש'-אס) פול מיט וואנצען.

cim'icine *n.* (סימ'-אי-סין) דער שטינקעדיגער שטאף וואס א וואנץ לאזט ארויס פון זיך.

cim'olite *n.* (סימ'-א-לאיט) דער צימאליט [א מין ווייסע ליים. אין אלטערטום פלעגט מען דאס ברויכען אלס א רפואה צו א רויז־ענטצינדונג].

cinch *n. and v.* (סינטש) 1. א ברייטער זאטעל־גארטעל פון פערדען־האר, לייווענד אדער לעדער; 2. א לייכטע שטעלע; 3. אן ארבייט, וועלכע איז לייכטער וויא מען מיינט; 4. ארומבינדען א זאטעל־גארטעל; בריינגען לייכט צו א שלום; 5. צווינגען.

2. His job is a **cinch**. 3. It is a **cinch** to solve this problem. 4. His influence **cinched** the matter.

Cincho'na *n.* (סינ-קאו'-נא) דער מין ביימער צו וועלכען עס געהער דער כינין־קארע בוים [וואקסט אין פערו, זיד־אמעריקא].

Cinchona

cincho'na *n.* (סינ-קאו'-נא) כינין־קארע [וואס ווערט געברויכט אלס מעדיצין].

cincho'na-tree *n.* (סינ-קאו'-נא-טריע) דער כינין־בוים.

cinchon'ic *a.* (סינ-קאנ'-איק) וואס איז שייך צו כינין־קארע.

cin'chonine *n.* (סינ'-קא-נין) צינקאנין [א כעמישער פראדוקט פון די קארע פון כינין־ביימער].

cinc'ture *n.* (סינק'-טשור) א גארטעל, בעזאנדערס דער זיידענער גארטעל פון א גלח; דאס וואס איז עהנליך צו א גארטעל; יעדע זאך וואס רינגעלט ארום און שליסט איין אין זיך, וויא א צאם, א צירקוס א. ד. ג.; דער געזימס, קארניז ארום א זייל.

cinc'tured *a.* (סינק'-טשורד) ארומגערינגעלט; ארומגעזוימט.

cin'der *n.* (סינ'-דער) 1. אויסגעברענטע קויהלען, אש; 2. שלאק, דיא אבגעפאלענע שטיקלעך פון איבערגעברענטע אייזען בעת'ן שמיעדען.

1. The house burned down to **cinders**.

cin'der-cone *n.* (סינ'-דער-קאון) אן ערד־שיכט וואס האט זיך געבילדעט פון די איבערגעברענטע מאטעריאלען וועלכע א פייערשפייענדער בארג האט פון זיך ארויסגעווארפען.

cin'der-frame *n.* (סינ'-דער-פריים) פונקען־זיפ [א מין זיפ אויף א קוימען פון א לאקאמאטיוו צו פערהאלטען די פונקען].

cin'der-path *n.* (סינ'-דער-פעטה) א

וועג וואס איז אויסגעשאטען מיט אויסגעברענטע קויהלען אדער אבפאל פון געברענטען אייזען.

cin'der-sif'ter *n.* (סינ'-דער-סיפ'-טער) אזא שויפעל אדער זיפ ארויסצונעהמען די אויסגעברענטע קויהלען פון אש.

cin'der-tub *n.* (סינ'-דער-טאב) אזא אייזערנער קאסטען וואס ווערט געשטעלט צו א שמעלץ=אויווען אריינצונעהמען די אבפאל [שלאק] פון די געשמאלצענע מעטאלען.

cin'der-wench *n.* (סינ'-דער-הווענטש) ז. *cinder-woman*.

cin'der-wom'an *n.* (סינ'-דער-הוואומ'-ען) אן ארעמע פרוי וואס גראבט זיך אין אש צו זוכען דארטען קויהלען.

cin'der-wool *n.* (סינ'-דער-הוואול) מינעראל=וואל [אזא פעדימדיגע וואליגע מאסע וואס ווערט ערהאלטען ווען מען לאזט א שטראם לופט אדער דאמפף אויף געשמאלצענע מעטאל=שלאקען וואס גיסט זיך פון א שמעלץ=אויווען].

cin'dery *a.* (סינ'-דער-אי) ווי אויסגעברענטע קויהלען; וואס איז ענהליך צו אויסגעברענטע קויהלען אדער שלאק [פון אייזען].

cinera'ceous *a.* (סינ-ע-ריי'-שיאס) אזוי ווי אש, פון אש=קאליר.

Cinera'ria *n.* (סינ-ע-ריי'-רי-א) אזא מין קליינע בוימלעך מיט קליינע געלבע בליהונג [וואקסט מייסטענס אין זיד=אפריקא].

cin'erary *a.* (סינ'-ע-ריי-רי) וואס אנבעלאנגט צו אש אדער ענטהאלט אין זיך אש.

cin'erary urn (סינ'-ע-ריי-רי אורן) א טאפ אדער א וואזע, וואו מען האלט דאס אש פון א פערברענטען קערפער.

cinera'tion *n.* (סינ-ע-ריי'-שאן) דאס פערברענען עפעס צו אש.

cine'reous *a.* (סי-ני'-רי-אס) ז. *cineraceous*.

cineres'cent *a.* (סינ-ע-רעס'-ענט) וואס האט אן אש=קאליר; וואס איז געווארען גרוי.

cineri'tious *a.* (סינ-ע-ריש'-אס) אש=גרוי; וואס האט אן אש=קאליר.

cin'nabar *n.* (סינ'-ע-באר) דער צינאבער [א צוזאמענגעזעצטער מינעראל פון קוועקזילבער און שוועבעל]; א מין רויטע פארב [פון אן אסט=אינדישען=בוים].

cin'nabar-green *n.* (סינ'-ע-באר-גריען) כראם=גריון [אזא פארב].

cinnabar'ic *a.* (סינ-ע-בער'-איק) וואס איז שייך צו צינאבער, וואס ענטהאלט צינאבער. ז. *cinnabar*

cin'nabarine *a.* (סינ'-ע-באר-אין) ז. *cinnabaric*.

cin'namic *a.* (סינ'-ע-מיק) וואס אנבעלאנגט צו אדער שטאמט פון צימרינג.

cin'namon *n.* (סינ'-ע-מאן) צימרינג, קאנייל; דער צימרינג בוים.

cin'namon bear (סינ'-ע-מאן בעהר) דער אמעריקאנער שווארצער בער.

cin'namon-brown *n.* (סינ'-ע-מאן-בראון) א שווארץ=ברוינער קאליר.

cin'namon-oil *n.* (סינ'-ע-מאן-איל) צימרינג=אויל.

cin'namon-stone *n.* (סינ'-ע-מאן-סטאון) צימשטיין [אזא עדעלשטיין פון א געלב=ברוינעם קאליר].

cin'namon-su'et *n.* (סינ'-ע-מאן-סיו'-עט) אזא פעטליכער שטאף וואס מען בעקומט פון די רייפע פרוכט פון צימרינגבוים.

cin'namon-tree *n.* (סינ'-ע-מאן-טריע) דער צימרינג=בוים.

Cinnamon-tree

cin'namon-wa'ter *n.* (סינ'-ע-מאן-הוואה'-טער) אזא מעדיצין געמאכט פון צימרינג=אויל און וואסער.

Cinoster'num *n.* (סינ-א-סטער'-נאם) א מין קליינע שילדקרעטען [טשערעפאכעס], וואס האלטען זיך אויף אין טייכען.

cinque *n.* (סינק) א פינפטעל [אין קארטען אדער ווירפלעך].

cinque-cen'tist *n.* (טשינ-קהווע-טשענ'-טיסט) א שרייבער אדער קינסטלער פון דעם 16טען יאהרהונדערט.

cinque-cen'to *n. and a.* (טשינ-קהווע-טשענ'-טא) דער 16טער יאהרהונדערט [אין בעצוג צו איטאליען און בעזאנדערס צו דער קונסט פון יענער פעריאדע]; וואס האט געלעבט אין 16טען יאהרהונדערט; וואס איז געשאפען געווארען אין 16טען יאהרהונדערט [אין בעצוג צו די קונסטווערק פון יענער צייט].

cinque'foil *n.* (סינק'-פאיל) די פינגערקרויט [א מין פלאנצע מיט פינף=עקיגע בלעטער], א מין פינף=עקיגער פענסטער אדער ארנאמענט פון א געביידע [גאטישער סטיל].

cinque'-pace *n.* (סינק'-פייס) דער פינף=שריט=טאנץ [אן אלטער פראנצויזישער טאנץ, וואס פלעגט אויסגעפיהרט ווערען מיט בעוועגונגען פון פינף שריט].

ci'pher *n. and v.* (סאי'-פער) א נול; א גארנישט, א מענש אדער זאך וואס האט ניט קיין ווערטה; א שיפער, א מעטאדע צו שרייבען, אז א זייטיגער מענש זאל עס ניט קענען איבערלייענען; דער שליסעל פון א שיפער; א מאנאגראם [בוכשטאבען אדער איניציאלען פון א נאמען וואס זיינען איינגעפלאכטען איינע אין די אנדערע]; שרייבען ציפערען; רעכענען מיט ציפערען, שרייבען מיט א שיפער=כתב.

ci'pherer *n.* (סאי'-פער-ער) א רעכענער; איינער וואס איז געאיבט אין שרייבען מיט שיפער אדער מיט געהיימע צייכענס.

ci'phering *n.* (סאי'-פער-אינג) דאס רעכענען; דאס לערנען אריפמעטיק.

ci'phering-book *n.* (סאי'-פער-אינג-בוק) אן אריפמעטיק=העפט, א העפט צו פערשרייבען אריפמעטישע אויפגאבען.

ci'phering-slate *n.* (סאי'-פער-אינג-סלייט) א רעכען=טאוועל.

ci'pher-key *n.* (סאי'-פער-קיע) א שליסעל אויפצולעזען א שיפרירטען [פערשטעלטען] שריפט.

cip'olin *n.* (סיפ'-א-לין) א גרינליכער מארמאר=שטיין.

Circe'an *a.* (סויר-סיע'-ען) וואס געהערט צו סירסע [א שעהנע יונגע מכשפה אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

circen'sial *a.* (סויר-סענ'-שיעל) וואס איז שייך צום רוימישען צירקוס.

circen'sian *a.* (סויר-סענ'-שיען) וואס אנבעלאנגט צום אדער וואס האט פאסירט אין רוימישען צירקוס.

cirsen'sian games (סויר-סענ'-שיען גיימז) צירקוס=שפיעל.

cir'cinal *a.* (סויר'-סי-נעל) צונויפגעראלט ווי א ספיראלע פון אויבען אראב [ביי בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; איינגעראלט ווי א ספיראל [ווי דער שטעכערעל, דאס נעזעל פון א באבעלקע].

cir'cinate *a.* (סויר'-סי-נייט) וואס דרעהט זיך ווי א רינג, וואס וואקסט אין דער פארם פון רינגלעך [ביי די צווייגען און בלעטער פון געוויסע פלאנצען].

cir'cinately *adv.* (סויר'-סי-נייט-לי) אין דער פארם פון א רינג אדער ספיראלע.

circina'tion *n.* (סויר-סי-ניי'-שאן) דאס זיין רינג=פערמיג, דאס וואקסען אין דער פארם פון א רינג.

cir'cle *n. and v.* (סוירקל) א קרייז; א רינג; א קיילעכדיגע זאך; א גרופע מענשען [א קלאס, געזעלשאפט]; א קרייז פון אידעען אדער וויסענשאפטען; א לאגישער קרייז [א מין פלפול, וואו די ערשטע זאך איז געדרונגען פון דער צווייטער און די צווייטע איז צוריק געדרונגען פון דער ערשטער]; א בעצירק; אן אינסטרומענט וואו דער הויפט=טייל בעשטעהט פון א קרייז וואס איז צוטיילט אויף גלייכע גראדען; ארומקרייזען; ארומרינגלען; ארומדרעהען.

cir'cle-cut'ter *n.* (סויר'קל-קאט'-ער) אן אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט פון אפטיקער אויסצוהאקען א קרייז אין דינעם גלאז.

cir'cled *a.* (סוירקלד) רונד, אין דער פארם פון א קרייז.

cir'cle in (סוירקל אין) איינשליסען אין עפעס, ארומרינגלען מיט עפעס; איינקרייזען.

cir'cle-i'ron *n.* (סויר'קל-אי'-ערן) א רונדער אייזען=ראהר צום אויסהאקען רונדע פלאטען.

cir'cler *n.* (סויר'-קלער) איינער וואס קרייזט אדער דרעהט זיך ארום עטוואס.

cir'cle-squar'er *n.* (סויר'קל-סקהוועהר'-ער) איינער וואס נעהמט זיך צו מאכען א קוואדראט פון א קרייז; איינער וואס נעהמט זיך אן צו טהאן אן אונמעגליכע זאך.

cir'clet *n.* (סויר'-קלעט) א קליינער קרייז; א ציערונג אויף'ן קאפ אדער אויף די קליידער אין דער פארם פון א רינג; א קיילעכדיגע זאך.

cir'cuit *n.* (סויר'-קיט) א קרייז=בעוועגונג; די ארומרינגלונג; דער פלאץ וואס איז איינגעשלאסען אין א קרייז; דאס ארומפאהרען פון א ריכטער אדער פון אן אנדער בעאמטען איבער די ערטער וואו ער דארף זיין לויט זיין אמט; דער בעצירק אין וועלכען דער ריכטער דארף ארומפאהרען; דער וועג, איבער וועלכען עס לויפט דורך אן עלעקטרישער שטראם פון איין פאלוס ביז'ן צווייטען.

cir'cuit-brea'ker *n.* (סויר'-קיט-בריי'-קער) א מעכאניזם, וועלכער פערבינדט אדער ברעכט אונטער אויטאמאטיש אן

עלעקטרישען שטראם אין געוויסע אינטערוואלען פון צייט.

cir'cuit-clo'ser *n.* (סויר'-קיט-קלאו'-זער) א שטראם=שליסער [א פארריכטונג צו שליסען אן עלעקטרישען שטראם].

circu'itous *a.* (סויר-קיו'-אי-טאס) ארומיג; וואס געהט מיט ארומיגע וועגען [ניט דירעקט].

They ascended the mountain by a circuitous road.

circu'itously *adv.* (סויר-קיו'-אי-טאס-לי) מיט אן ארומיגען וועג [ניט דירעקט].

circu'itousness *n.* (סויר-קיו'-אי-טאס-נעס) די ארומיגקייט; דאס זיין ניט דירעקט.

circu'ity *n.* (סויר-קיו'-אי-טי) דאס בעוועגען זיך אין א קרייז; דאס געהן ארום ניט מיט'ן גלייכען וועג; דאס זיין קרייז=פערמיג.

cir'culable *a.* (סויר'-קיו-לעבל) וואס קען זיך בעוועגען אדער דרעהען אין א קרייז.

cir'cular *n. and a.* (סויר'-קיו-לער) רונד, קיילעכדיג; קרייז=פערמיג; א צירקולאר, א געדרוקטע שריפט וואס ווערט פאנאנדערגעשיקט צו פערשיעדענע פערזאנען און אנשטאלטען.

cir'cular arc (סויר'-קיו-לער ארק) א צירקעל=בויגען [אין מאטעמאטיק].

cir'cular con'stant (סויר'-קיו-לער קאנ'-סטענט) דאס פערהעלטניס פון דעם קרייז=אומפאנג צו זיין דיאמעטער [אין מאטעמאטיק].

circular'ity *n.* (סויר-קיו-לער'-אי-טי) דאס זיין קרייז=פערמיג; רונדקייט, קיילעכדיגקייט; א רונדע, קיילעכדיגע זאך.

cir'cularize *v.* (סויר'-קיו-לער-איז) מאכען א קרייז; פערטיילען אדער פאנאנדערשיקען צירקולארען.

cir'cular let'ter (סויר'-קיו-לער לעט'-ער) א צירקולאר=בריעף [א געדרוקטער בריעף, וואס ווערט פאנאנדערגעשיקט צו פערשיעדענע מענשען און אנשטאלטען].

cir'cular let'ter of cred'it (סויר'-קיו-לער לעט'-ער אוו קרעד'-איט) קרעדיט=בריעף [א בריעף וואס איינער קריעגט פון א באנק צו ווייזען אז מען קען איהם געטרויען].

cir'cular lines (סויר'-קיו-לער לאינז) טריגאנאמעטרישע ליניען [אזעלכע ליניען אין דער מאטעמאטיק וועלכע שטעהען אין א געוויסען צוזאמענהאנג].

cir'cularly *adv.* (סויר'-קיו-לער-לי) אין א קרייז; אין דער פארם פון א קרייז.

cir'cular mo'tion (סויר'-קיו-לער מאו'-שאן) א קרייז=בעוועגונג.

cir'cular saw (סויר'-קיו-לער סאה) א רונדע זעג.

commode' *n.* (קא-מאוד') א קאמאד; נאכט=טאפ.

commo'dious *a.* (קא-מאו'-די-אס) בעקוועם; טויגליך; גוט צוגעפאסט.

commo'diously *adv.* (קא-מאו'-די-אס-לי) אויף א בעקוועמען אדער טויגליכען אופן.

commo'diousness *n.* (קא-מאו'-די-אס-נעס) בעקוועמליכקייט; טויגליכקייט.

commod'ity *n.* (קא-מאד'-אי-טי) א פראדוקט, אן ארטיקעל.

com'modore *n.* (קאמ'-א-דאור) א קאמאנדיר פון עטליכע קריעגס=שיפען [העכער אין ראנג פון א קאפיטאן און נידריגער פון אן אדמיראל].

com'mon *n.*, *a.* and *v.* (קאמ'-אן) אלגעמיין; געמיינזאם; געוועהנליך: איינפאך, פראסט, פשוט; אלטעגליך; אפט; בירגערליך [ניט אריסטאקראטיש]: א קהל'שער פלאץ; געמיינשאפטליכקייט; געמיינשאפטליך לעבען; האבען א געמיינשאפטליכעם רעכט אויף א קהל'שען פלאץ.

com'monable *a.* (קאמ'-אנ-עבל) געמיינשאפטליך; וואס קען זיך פיטערען אויף קהל'שע לאנקעס.

com'monage *n.* (קאמ'-אנ-עדזש) דאס געמיינשאפטליכע רעכט אויף עפעס; קהל'שע פיטערנים, דאס רעכט זיך צו בענוצען מיט קהל'שע פיטערנים.

com'monalty *n.* (קאמ'-אנ-על-טי) דער פראסטער עולם.

com'mon bail (קאמ'-אן בייל) אן ערבות פון צוויי מענשען אז דער בעשולדיגטער וועט קומען צום געריכט צו דער בעשטימטער צייט.

com'mon cher'ry (קאמ'-אן טשער'-אי) זויערע קארשען.

com'mon coun'cil (קאמ'-אן קאונ'-סיל) שטאדט=ראטה [מוניציפאליטעט].

com'mon-coun'cilman *n.* (קאמ'-אנ-קאונ'-סיל-מען) א מיטגליעד פון שטאדט=ראטה [מוניציפאליטעט].

com'mon cri'er (קאמ'-אן קראי'-ער) א העראלד [אן אויסרופער אין עפענטליכע פלעצער בעקאנט צו מאכען עטוואס דעם פאלק].

com'mon divi'sor (קאמ'-אן די-וואי'-זאר) דער געמיינשאפטליכער טיילער [אין אריפמעטיק די יעניגע צאהל אויף וועלכע עס טיילען זיך אהן א רעסט צוויי אדער מעהרערע צאהלען. צ. ב. די צאהל 3 איז דער געמיינשאפטליכער טיילער פון 6, 9, 12, 15 א. ז. וו.].

com'moner *n.* (קאמ'-אנ-ער) אן איינפאכער בירגער [איינער פון פראסטען פאלק, ניט פון אדעל]; א מיטגליעד פון דעם ענגלישען פארלאמענט; איינער וואס האט אן אנטייל אין קהל'שע ערד.

com'money *n.* (קאמ'-אנ-אי) א געוועהנליכער שפיעל=צייכען.

com'mon-hall *n.* (קאמ'-אן-האהל) די קהל=שטוב.

com'mon law (קאמ'-אן לאה) דאס סיסטעם פון געזעצען אין די ענגליש=שפרעכענדע לענדער, וואס שטעהט ניט אין איינקלאנג מיט דער סיסטעם פון די אלט=רוימישע געזעצען; דאס ניט געשרי=

בענע געזעצע [א געזעץ וואס קומט אריין אין געברויך דורך דער פראקטיק פון גע־ריכטס־ענטשיידונגען אדער פון אלגעמיי־נע פאלקס־מנהגים].

com'mon-law'yer *n.* (קאמ'-אנ-לאה-'יער) איינער וואס איז א קענער אין די געזעצען וואס ווערען פראקטיצירט אין די ענגליש־שפרעכענדע לענדער; א קענער אין די אונגעשריבענע געזעצען. ז. *common law*.

com'mon-loom *n.* (קאמ'-אנ-לוהם) א האנד־וועב־שטוהל.

com'monly *adv.* (קאמ'-אנ-לי) גע־וועהנליך, איינפאך.

com'mon meas'ure (קאמ'-אנ מעזש'-אור) ז. *common divisor*.

com'mon mil'let (קאמ'-אנ מיל'-עט) אזא געטריידע־גראז.

ז. איל. *"Grasses and their Allies"*

com'mon mul'tiple (קאמ'-אנ מאל'-טיפל) א צאהל וועלכע טיילט זיך אהן א רעסט אויף אלע אנגעגעבענע צאהלען. צ. ב. די צאהל 24 טיילט זיך אויף 6 און 4.

com'monness *n.* (קאמ'-אנ-נעס) איינ־פאכקייט; געוועהנליכקייט; פראסטקייט; געמיינשאפטליכקייט.

com'mon noun (קאמ'-אנ נאון) א גא־טונגס־נאמען [א ווארט וואס בעצייכענט א גאנצען מין].

com'mon nui'sance (קאמ'-אנ ניו'-סענס) איינער וואס בעלעסטיגט אדער שע־דיגט די געמיינשאפט.

com'mon of pas'ture (קאמ'-אנ אוו פעס'-טשור) דאס רעכט צו פיטערן בהמות אויף א צוויטענס לאנקעס.

com'monplace *a., n. and v.* (קאמ'-אנ-פליים) 1. ניט ניי, ניט אריגינעל; א ניט אריגינעלע, אבגעדראשענע בעמער־קונג אדער בעהויפטונג; מאכען אן אב־געדראשענע, ניט אריגינעלע בעמערקונג אדער בעהויפטונג; 2. פערצייכענען אין א נאטיץ־בוך.

1. His remarks are **commonplace**.

com'monplace-book *n.* (קאמ'-אנ-פליים-בוק) א טאגע־בוך, א ספר הזכרונות, א נאטיץ־בוך.

com'monplace-man *n.* (קאמ'-אנ-פליים-מען) א פשוט'ער מענש; א ניט אינטערעסאנטער מענש.

com'monplaceness *n.* (קאמ'-אנ-פליים-נעס) אונאינטערעסאנטקייט; דאס זיין ניט אריגינעל.

Com'mon Pleas (קאמ'-אנ פליעז) ציוויל־פראצעסען [פראצעסען וועגען געלד זאכען אדער וועגען אנדערע אנגעלעגענ־הייטען וואס האבען ניט קיין קרימינעלען כאראקטער].

com'mon pray'er (קאמ'-אנ פרעהר) דאס געוועהנליכע קירכען־געבעט־בוך.

com'mon recov'ery (קאמ'-אנ רי-קאוו'-ער-אי) א פיקטיווער פראצעס [אמאל אין ענגלאנד] אום צו מאכען דעם איינגענטימער פון לאנד פאר א געזעצליכען איינגענטימער.

com'mons *n.* (קאמ'-אנז) מענשען פון פראסטען פאלק, דאס פראסטע פאלק; דער פעבעל; מיטגליעדער פון דעם אונטער־הויז פון דעם ענגלישען פארלאמענט.

com'mon school (קאמ'-אנ סקוהל) די פאלקס־שוהל.

com'mon scold (קאמ'-אנ סקאולד) א פרוי א שרייערקע, א שילטערקע, וואס קריגט זיך כסדר מיט די שכנים.

com'mon-sense' *a.* (קאמ'-אנ-סענס) מיט'ן גראדען שכל.

com'mon sense (קאמ'-אנ סענס) דער גלייכער פשוט'ער שכל, דער פראקטישער פערשטאנד.

An ounce of **common sense** is worth a pound of theory.

commonsen'sible *a.* (קאמ'-אנ-סענ'-סיבל) וואס האט א גראדען שכל; וואס צייגט ארויס פערשטאנד.

com'mon-sized *a.* (קאמ'-אנ-סאיזד) פון געוועהנליכער גרויס.

com'mon ti'ger moth (קאמ'-אן טאי'-גער מאטה) אזא זומער־פויגעלע. ז. איל. *"Butterflies"*

com'mon time (קאמ'-אן טאים) אין מוזיק — דער גראדער טאקט [די איינ־טיילונג פון טאקט אין צוויי אדער פיער גלייכע טיילען, הויפטזעכליך אין דעם פיער־פיערטעלדיגען טאקט]; דער גע־וועהנליכער טאן־לייטער.



Common Time

com'monweal *n.* (קאמ'-אנ-הוויעל) דאס וואהל פון פאלק, טובת הכלל.

com'monwealth *n.* (קאמ'-אנ-הוועלטה) דאס פאלק; א רעפובליק; א שטאאט, וואו די רעגירונג ווערט געוועהלט פון פאלק; א שותפות־חברה פון אקטיארען.

Com'monwealth *n.* (קאמ'-אנ-הוועלטה) די ענגלישע רעפובליק וועלכע האט עקזיסטירט פון יאהר 1649 ביז 1653.

Com'monwealth of Eng'land (קאמ'-אנ-הוועלטה אוו אינ'-גלענד) ז. *Commonwealth*.

com'morance *n.* (קאמ'-א-רענס) א וואהן־ארט.

com'morancy *n.* (קאמ'-א-רענ-סי) ז. *commorance*.

com'morant *a.* (קאמ'-א-רענט) וואהנ־האפט [א יורידישער אויסדרוק].

commo'tion *n.* (קא-מאו'-שאן) אן אויפרוהר, א טומעל; אן אויפשטאנד; אן אויפרעגונג.

commove' *v.* (קא-מוהוו') בריינגען אין אויפרעגונג.

com'munal *a.* (קאמ'-יו-נעל) וואס איז שייך צו דער פאריזער קאמונע פון 1871; וואס בעלאנגט צו דער געמיינדע אדער צום פאלק; קאמוניסטיש; געמיינשאפט־ליך.

com'munal affairs' (קאמ'-יו-נעל ע-פעהרז) קהל'שע אנגעלעגענהייטען.

com'munalism *n.* (קאמ'-יו-נעל-איזם) קאמונאליזם, דער פרינציפ פון אויטא־נאמיע [זעלבסט־רעגירונג] פאר יעדע געמיינדע אדער בעצירק און אז דער גאנ־צער שטאאט זאל זיין א פעדעראציאן פון דיעזע זעלבסטשטענדיגע געמיינדען [א טעאריע וואס האט געהאט בעזאנדערס פיעל אנהענגער אין פראנקרייך].

com'munalist *n.* (קאמ'-יו-נעל-איסט) א קאמונאליסט, אן אנהענגער פון דעם פרינציפ פון קאמונאליזם. ז. *communalism*.

communalis'tic *a.* (קאמ-יו-נע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו קאמונאליזם. ז. *communalism*.

com'munard *n.* (קאמ'-יו-נארד) א קאמונאליסט; א מיטגליעד פון דער פראנ־צויזישער קאמונע פון יאהר 1871.

com'mune *n. and v.* (קאמ'-יון) א גע־מיינדע מיט אן איינענער פערוואלטונג; די פערוואלטונג פון א געמיינדע; מוני־ציפאליטעט [שטאדט־פערוואלטונג] אין פראנקרייך; די דארף־קאמונע אין רוס־לאנד [מיר]; די געשפרעכס־אונטערהאל־טונג אדער אויסטויש פון מיינונגען.

commune' *v.* (קא-מיון') א פיהרען פריינדליכען געשפרעך, אויסטוישען מיי־נונגען אדער געפיהלען.

commu'ne bo'num (קא-מיו'-ני באו'-נאם) טובת הכלל.

com'mune of Par'is (קאמ'-יון אוו פער'-איס) א רעוואלוציאנערער קאמיטעט וועלכער האט פערטראטען דעם פלאץ פון דער שטאדט־רעגיערונג פון פאריז אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעווא־לוציאן אין 1789 און וועלכער האט באלד איבערגענומען די רעגיערונג פון דעם גאנ־צען לאנד; די פאריזער קאמונע פון יאהר 1871.

com'muner *n.* (קאמ'-יו-נער) א מיט־גליעד פון א געמיינדע; אן אנהענגער פון קאמונאליזם. ז. *communalism*.

communicabil'ity *n.* (קא-מיו-ני-קע-ביל'-אי-טי) דאס קענען מיטגעטיילט ווערען; דאס האבען די מעגליכקייט צו זיין געמיינשאפטליך פאר עטליכע זאכען.

commu'nicable *a.* (קא-מיו'-ני-קעבל) וואס קען מיטגעטיילט ווערען; אנשטעק־קענד.

Good manners are very **communicable**.

commu'nicableness *n.* (קא-מיו'-ני-קעבל-נעס) דאס קענען מיטגעטיילט ווע־רען.

commu'nicably *adv.* (קא-מיו'-ני-קעב-לי) דורך מיטטיילונג.

commu'nicant *n.* (קא-מיו'-ני-קענט) 1. א מיטגליעד פון א קריסטליכער סעק־טע; 2. איינער וואס נעהמט אנטייל אין הייליגען אבענדמאהל [אין דער קריסטלי־כער קירך].

1. He is a **communicant** of the Episcopal Church.

commu'nicate *v.* (קא-מיו'-ני-קייט) מיטטיילען; קארעספאנדירען; שטעהן אין פערבינדונג אדער פערקעהר.

I **communicated** the news to him.

communica'tion *n.* (קא-מיו-ני-קיי'-שאן) 1. מיטטיילונג; בריעף־פערקעהר, קארעספאנדענץ; 2. פערבינדונג, צוזאמענ־רעדונג; 3. די אנטיילנאהמע אין היילי־גען אבענדמאהל.

1. I received your **communication**. 2. Evil **communications** corrupt good manners.

communica'tion-valve *n.* (קא-מיו-ני-קיי'-שאן-וועלוו) דער פערבינדונגס־ווענטיל [דער ווענטיל אין דעם דאמפף־ראהר פון א דאמפף־מאשין וואס פערבינ־דעט דעם דאמפף־קעסעל מיט'ן צילינדער].

commu'nicative *a.* (קא-מיו'-ני-קיי-טיוו) מיטטיילענד; גרייט מיטצוטיילען.

Being in a **communicative** mood he told us his life story.

commu'nicatively *adv.* (קא-מיו'-ני-קיי-טיוו-לי) דורך מיטטיילונג; דורך בערייטקייט מיטצוטיילען.

commu'nicativeness *n.* (קא-מיו'-ני-קיי-טיוו-נעס) די גרייטקייט מיטצוטיי־לען; רעדעוודיגקייט.

commu'nicator *n.* (קא-מיו'-ני-קיי-טאר) איינער אדער עפעס וואס טיילט מיט.

c mmu'nicatory *a.* (קא-מיו'-ני-קיי-טא-רי) וואס טיילט מיט; וואס בעלעהרט.

commu'nion *n.* (קא-מיו'-ניאן) צוזא־

מענערדונג; פריינדליכער פערקעהר; געמיינשאפט, חברותא; א קריסטליכע קערפערשאפט פון איין גלויבען; גלויבענסגענאסענשאפט; דאס הייליגע אבענדמאהל [די קריסטליכע קירכליכע צערעמאָניע פון פערזוכען ברויט און וויין אלס אנדענקען פון לעצטען אבענדמאהל פון קריסטוס מיט זיינע תלמידים].

commu'nionable *a.* (קא-מיו'-ניאַנ-עבל) וואס קען אריינטרעטען אין געמיינשאפט אדער חברותא.

commu'nional *a.* (קא-מיו'-ניאַנ-על) וואס איז שייך צו א געמיינשאפט אדער חברותא.

commu'nion-cloth *n.* (קא-מיו'-ניאַנ-קלאָטה) דער טישטוך מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר צום הייליגען אבענדמאהל [אין דער קריסטליכער קירך].

commu'nion-cup *n.* (קא-מיו'-ניאַנ-קאַפּ) דער וויין־בעכער ביי דעם הייליגען אבענדמאהל [אין דער קריסטליכער קירך].

commu'nion-ser'vice *n.* (קא-מיו'-ניאַנ-סױר'-וויס) דאס גאטעס־דיענסט אין דער קריסטליכער קירך ביים הייליגען אבענדמאהל.

commu'nion-ta'ble *n.* (קא-מיו'-ניאַנ-טײבל) דער אלטאר אין דער קריסטליכער קירך.

com'munism *n.* (קאַמ'-יו-ניזם) קאָמוניזם, די סאציאליסטישע לעהרע, וועלכע פאדערט די איינארדנונג פון דער געזעלשאפט אזוי, אז דאס גאנצע רייכטום [ערד, פאבריקען א. ד. ג.] זאל געהערען צום שטאאט אדער צו דער געמיינדע; געמיינשאפטליכעס אייגענטום.

com'munist *n.* (קאַמ'-יו-ניסט) א קאָמוניסט, אן אנהענגער פון קאָמוניזם.
ז. *communism*.

communis'tic *a.* (קאַמ-יו-ניס'-טיק) קאָמוניסטיש, וואס אנבעלאַנגט צו קאָמוניזם.

communis'tical *a.* (קאַמ-יו-ניס'-טי-קעל) ז. *communistic*.

communis'tically *adv.* (קאַמ-יו-ניס'-טי-קעל-אי) אויף א קאָמוניסטישען אופן.

commu'nity *n.* (קא-מיו'-ני-טי) א געמיינדע, קהילה; א געזעלשאפט; געמיינשאפטליכעס אייגענטום.

commu'nity of goods (קא-מיו'-ני-טי אוו גודז) געמיינשאפטליכעס אייגענטום.

commutabil'ity *n.* (קא-מיו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען זיך פערטוישען, אומבייטען אויף אן אנדער זאך; די פערטוישבארקייט.

commu'table *a.* (קא-מיו'-טעבל) וואס קען פערטוישט ווערען אדער אומגעביטען ווערען אויף אן אנדער זאך; וואס קען אויסגעוועקסעלט ווערען.

commu'tableness *n.* (קא-מיו'-טעבל-נעס) ז. *commutability*.

commuta'tion *n.* (קאַמ-יו-טײ'-שאַן) אומענדערונג, אויסוועקסלונג; די אומבייטונג פון א געריכטליכע שטראף פון א גרעסערע אויף א קלענערע; די אומענדערונג פון איין זארט צאהלונג אויף אן אנדער זארט.

commuta'tion-tick'et *n.* (קאַמ-יו-טײ'-שאַן-טיק'-עט) א בילינגער אייזענבאהן בילעט צו פאהרען עטליכע מאהל הין און צוריק.

commu'tative *a.* (קא-מיו'-טע-טיוו) טוישענד, אויסוועקסלענד; געגענזייטיג.

commu'tative jus'tice (קא-מיו'-טע-טיוו דזשאַס'-טיס) געגענזייטיגע גערעכטיגקייט, א טובה פאר א טובה.

commu'tatively *adv.* (קא-מיו'-טע-טיוו-לי) דורך טוישונג, דורך וועקסלונג.

com'mutator *n.* (קאַמ'-יו-טײ-טאָר) אן אינסטרומענט צו ענדערען די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם; א קאָמוטאַטאר, א קאָלעקטאר [דער טייל פון אן עלעקטרישער מאַשין, צו וועלכען עס קומען זיך צונויף אלע וויקלונגס־דראַטען פון אנקער און פון וועלכען עס ווערט דורך מעטאל אדער קויהלען בערשטלעך גענומען דער עלעקטרישער שטראם].

commute' *v.* (קא-מיוט') 1. אומענדערען, אויסטוישען, אויסוועקסלען; 2. אומבייטען א שטראף אויף א קלענערע; 3. רעגולירען אדער ענדערען אן עלעקטרישען שטראם; 4. צאהלען מיט איינמאל אנשטאט אין א רייה פון צאהלונגען [ווי למשל, ווען איינער צאהלט אב פאר אזא אייזענבאהן בילעט, מיט וועלכען ער קען ארומפאהרען הין און צוריק, און דארף ניט צאהלען יעדעס מאל בעזונדער].
2. The Governor commuted his prison sentence from 5 to 2 years.

commu'ter *n.* (קא-מיו'-טער) איינער וואס פערבייט; איינער וואס בענוצט זיך מיט א בילינגערען אייזענבאהן בילעט צו פאהרען עטליכע מאהל הין און צוריק.

co'mose *a.* (קאָו'-מאוס) האריג, בעוואקסען מיט האר.

com'pact *n.* (קאַמ'-פעקט) אן אבמאך, א קאָנטראַקט.
They drew up a compact.

compact' *a. and v.* (קאַמ-פעקט') קאָמפאַקט, צונויפגעפרעסט, שטייף פעראייניגט, געדיכט, צוזאמענגעבונדען; צונויפפרעסען, שטייף פעראייניגען, געדיכט מאכען; שליסען א קאָנטראַקט.

compac'tedness *n.* (קאַמ-פעק'-טעד-נעס) געדיכטקייט, צונויפגעפרעסטקייט, געדרענגטקייט; דאס זיין קאָמפּאַקט.

compac'tible *a.* (קאַמ-פעק'-טיבל) וואס מען קען פעראייניגען, צונויפפרעסען אדער מאכען קאָמפּאַקט.

compact'ly *adv.* (קאַמ-פעקט'-לי) געדיכט, שטייף; קורץ און גענוי, קאָמפּאַקט.

compact'ness *n.* (קאַמ-פעקט'-נעס) געדיכטקייט; פעסטקייט; קאָמפּאַקטקייט.

compac'ture *n.* (קאַמ-פעק'-טשור) דאס פערבינדען אדער פעראייניגען; אן ענגע פערבינדונג.

compa'ges *n.* (קאַמ-פײ'-דזשיז) די פערבינדונג, די סיסטעם פון גלידערונג [פון א קערפּער].

compan'ion *n.* (קאַמ-פענ'-יאַן) א קאָמפּאַניאָן, א חבר, א בעגלייטער, א שותף; א קאָמפּאַניאָנקע [א פרויענצימער וואס דיענט ביי דער צווייטער אלס איהר מיטבעגלייטערין]; א מיטגליעד פון אן עהרען־ארדען; א יונג, א מענש פון נידריגען גראד; א פענסטערעל אויף א דעק פון א שיף, דורך וועלכען עס געהט דורך ליכט אין אן אונטערשטער קאיוטע; דאס דעקעל פון אזא פענסטערעל.

compan'ionable *a.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-עבל) געזעליג, מיט וועלכען מען קען זיין חבר.

compan'ionableness *n.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-עבל-נעס) גוט־ברודערשאפט; דאס קענען ווערען א גוט־ברודער.

compan'ionably *adv.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-עב-לי) אויף'ן שטייגער פון גוט־ברודערשאפט.

compan'ion-hatch *n.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-העטש) א הילצערנער דעקעל איבער די טרעפ פון דעק צו די קאיוטע [אין א שיף].

compan'ion in arms (קאַמ-פענ'-יאַן אין ארמז) קאַמפּפס־גענאסע, א חבר אין מלחמה.

compan'ion-lad'der *n.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-לעד'-ער) די טרעפ וואס פיהרט פון אויבערשטען דעק צו דער קאיוטע אין א שיף.

compan'ionless *a.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-לעס) אהן געזעלשאפט, אהן חברים.

compan'ionship *n.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-שיפּ) חבר'שאפט, געזעלשאפטליכע פערבינדונג; גוט־ברודערשאפט.

compan'ionway *n.* (קאַמ-פענ'-יאַנ-וויי) א טרעפ פון דעק צו די קאיוטען אין א שיף.

com'pany *n.* (קאַמ'-פע-ני) א קאָמפּאַניע, א געזעלשאפט; געסט; א ראָטע סאָלדאַטען.

com'pany-kee'per *n.* (קאַמ'-פע-ני-קיפ'-ער) א פרעהליכער יונג אין געזעלשאפט; א ליבאַוניק.

com'pany of a ship (קאַמ'-פע-ני אוו ע שיפ) די קאָמאַנדע פון א שיף [די מאַטראָזען צוזאמען מיט די אפיצירען].

com'parable *a.* (קאַמ'-פע-רעבל) וואס קען פערגליכען ווערען.

com'parableness *n.* (קאַמ'-פע-רעבל-נעס) די פערגלייכבארקייט.

com'parably *adv.* (קאַמ'-פע-רע-בלי) פערגלייכונגסווייז.

com'parate *n.* (קאַמ'-פע-רייט) א זאך אדער עטליכע זאכען וואס קענען פערגליכען ווערען צו אנדערע.

comparati'val *a.* (קאַמ-פער-ע-טאי'-וועל) פון א פערגלייכונגס־שטופע [אין גראַמאַטיק] ז. *comparative degree*.

compar'ative *n. and a.* (קאַמ-פער'-ע-טיוו) וואס איז שייך צו א פערגלייכונג; וואס פאלגט פון א פערגלייכונג; פערהעלטניסמעסיג; אין גראַמאַטיק — וואס דריקט אויס א העכערע אדער נידעריגערע שטופע [ווי צ. ב. "בעסער" איז א העכערע שטופע פון "גוט"]; די פערגלייכענדע שטופע פון ביייווערטער.
ז. *comparative degree*.

compar'ative anat'omy (קאַמ-פער'-ע-טיוו ע-נעט'-א-מי) די פערגלייכענדע אנאַטאָמיע [דער טייל פון אנאַטאָמיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט אונטערזוכען און פערגלייכען דעם אנאַטאָמישען געבוי פון פערשיעדענע חיות אין פערגלייך מיט דעם מענשען].

compar'ative degree' (קאַמ-פער'-ע-טיוו די-גריע') די פערגלייכענדע שטופע פון ביי־ווערטער [אין גראַמאַטיק], ווי למשל דאס ווארט "בעסער" שטעלט מיט זיך פאר די פערגלייכענדע שטופע פון "גוט".

compar'ative gram'mar (קאַמ-פער'-ע-טיוו גרעמ'-ער) די פערגלייכענדע שפּראַך־וויסענשאפט [די גראַמאַטיקאַלישע אונטערזוכונג פון פערשיעדענע שפּראַכען און זייערע בעציהונגען צו איינאַנדער].

compar'atively *adv.* (קאַמ-פער'-ע-טיוו-לי) אין פערגלייך; פערהעלטניסמעסיג.
The value of a pound of silk is comparatively greater than a pound of wool.

compar'ative sci'ences (קאַמ-פער'-ע-טיוו סאי'-ענס-עז) פערגלייכענדע וויסענשאפטען [די וויסענשאפטען, וועלכע ברייננען ארויס זייערע כללים אויף'ן

גרונד פון פערגלייכען זאכען איינע צו די אנדערע].

compare′ *v.* (קאמ-פעהר′) פערגלייכען; גלייך זיין צו עפּעס; אויסדריקען די פערגלייכונגס=שטופען [אין גראמאטיק].

compar′er *n.* (קאמ-פעהר′-ער) א פערגלייכער.

compar′ison *n.* (קאמ-פער′-אי-סאן) פערגלייכונג; פערגלייך.

comparti′tion *n.* (קאמ-פאר-טיש′-אן) דאס צוטיילען; א טיילונג.

compart′ment *n.* (קאמ-פארט′-מענט) אן אבטיילונג.

com′pass *n. and v.* (קאמ′-פעס) א קאמפאס [אזא קאפסעל אין וועלכען עס איז איינגעפאסט א בעוועגליכע מאגנעטישע נאדעל, וועלכע שטעלט זיך אימער איין ווי יעדער פרייער מאגנעט, אין דער ריכטונג פון צפון און דרום. ווערט בענוצט פאר שיפען און פאר רייזענדע אום ניט אראבצובלאנדזשען פון וועג]; א צירקעל [א געצייג צום צייכענען]; א קרייז; א בעגרענעצטער רוים; א גרענעץ; ארומרינגלען; איינשליסען אין א קרייז; ארומקרייזען; עררייכען, דערהאלטען, בעקומען; פערענדיגען.



Compasses

com′passable *a.* (קאמ′-פעס-עבל) וואס קען איינגעשלאסען ווערען אין א קרייז; וואס קען ארומגערינגעלט ווערען; וואס קען עררייכט ווערען.

com′pass-bowl *n.* (קאמ′-פעס-באול) ז. *compass-box*.

com′pass-box *n.* (קאמ′-פעס-באקס) דער קאמפאס=קאפסעל [דער קאפסעל פון קאמפאס אין וועלכען עס איז איינגעפאסט די מאגנעט=נאדעל].

com′pass-brick *n.* (קאמ′-פעס-בריק) אן אויסגעבויגענער ציעגעל.

com′pass-card *n.* (קאמ′-פעס-קארד) די רונדע קארטעל פון דעם קאמפאס אויף וועלכער עס זיינען אנגעגעבען די ריכטונגען פון די וועלט=זייטען ווי מזרח, מערב א. ז. וו.



Compass-card

com′pass-di′al *n.* (קאמ′-פעס-דאי′-על) א האנד=קאמפאס, א קאמפאס=אוהר.

com′passed *a.* (קאמ′-פעסט) עררייכט, דערהאלטען, פערענדיגט.

com′pass-flow′er *n.* (קאמ′-פעס-פלאו′-ער) די קאמפאס=בלום [אזא בלום אויף וועלכער עס ווערט געזאגט, אז איהרע אונטערשטע בלעטער וואקסען אימער אין דער ריכטונג פון צפון און דרום].

com′pass-head′ed *a.* (קאמ′-פעס-העד′-עד) קרייז=פערמיג [אן אויסדרוק געברויכט אין ארכיטעקטור].

com′passing *a. and n.* (קאמ′-פעס-אינג) אויסגעבויגען [וועגען דעם האלץ פון וועלכען מען בויט שיפען]; דאס אויסבויגען דאס האלץ פון וועלכען מען בויט א שיף.

compas′sion *n.* (קאמ-פעש′-אן) מיטלייד, מיטגעפיהל, רחמנות.

compas′sionate *v. and a.* (קאמ-פעש′-אנ-אייט) מיטלייד האבען, רחמנות האבען; וואס האט מיטלייד, וואס פיהלט מיט.

No heart is truly great and generous that is not also tender and **compassionate.**

compas′sionately *adv.* (קאמ-פעש′-אנ-אייט-לי) מיט רחמנות; דורך מיטלייד אדער מיטגעפיהל.

compas′sionateness *n.* (קאמ-פעש′-אנ-אייט-נעס) רחמנות, מיטגעפיהל; דאס האבען מיטלייד.

com′pass-nee′dle *n.* (קאמ′-פעס-ניעדל) די מאגנעט=נאדעל פון א קאמפאס.

com′pass one's desire′ (קאמ′-פעס הוואנז די-זאיר′) פערווירקליכען אדער עררייכען א וואונש.

com′pass-plane *n.* (קאמ′-פעס-פליין) א רונדער הובעל צום אויסהובלען א בולט׳ע רונדע פלעכע.

com′pass-plant *n.* (קאמ′-פעס-פלענט) די קאמפאס=פלאנצע.
ז. *compass-flower*.

com′pass-saw *n.* (קאמ′-פעס-סאה) א לאך=זעג, א לויב=זעג [אזא קליינע שמאלע זעג וואס ווערט בענוצט אויסצוזעגען פערשיעדענע מוסטערען אין האלץ=ברעטלעך].

com′pass the end (קאמ′-פעס טהי ענד) דערגרייכען דעם ציעל.

com′pass-tim′ber *n.* (קאמ′-פעס-טימ′-בער) אויסגעבויגענע האלץ.

com′pass-win′dow *n.* (קאמ′-פעס-הווינ′-דאו) א פענסטער וואס איז פון אויבען רונד.

compatibil′ity *n.* (קאמ-פעט-אי-ביל′-אי-טי) פערטרעגליכקייט, דאס לעבען בשלום; פעראיינבארקייט [פון צוויי זאכען מיטאנאנדער]; איבעראיינשטימיגקייט.

compatibil′ity of tem′pers (קאמ-פעט-אי-ביל′-אי-טי אוו טעמ′-פערז) די איבעראיינשטימיגקייט אדער גלייכארטיגקייט פון כאראקטערע.

compat′ible *a.* (קאמ-פעט′-איבל) פערטרעגליך, פעראיינבאר; איבעראיינשטימיג.

compat′ibleness *n.* (קאמ-פעט′-איבל-נעס) ז. *compatibility*.

compat′ibly *adv.* (קאמ-פעט′-אי-בלי) אויף א פערטרעגליכען אופן; דורך פעראיינבארקייט.

compa′triot *n.* (קאמ-פיי′-טרי-אט) א לאנדסמאן.

compa′triotism *n.* (קאמ-פיי′-טרי-אט-איזם) דאס זיין א לאנדסמאן.

compear′ *v.* (קאמ-פיער′) ערשיינען אין גערינכט.

compear′ance *n.* (קאמ-פיער′-ענס) דאס ערשיינען פאר׳ן געריכט.

compear′er *n.* (קאמ-פיער′-ער) איינער וואס ערשיינט אין געריכט.

compeer′ *n.* (קאמ-פיער′) א קאמעראד, א קאמפאניאן, א חבר, א מיט=ברודער.

compel′ *v.* (קאמ-פעל′) צווינגען, נויטען.
I was **compelled** to appeal for help.

compel′lable *a.* (קאמ-פעל′-עבל) וואס קען געצוואונגען ווערען.

compel′lably *adv.* (קאמ-פעל′-ע-בלי) מיט גוואלד, דורך צוואנג.

compella′tion *n.* (קאמ-פע-ליי′-שאן) בעגריסונגס=ווארט; טיטול, נאמען, בענענונג [ווען מען ווענדעט זיך צו איינעם מיט א שריפט אדער אנשפראכע].

compel′lative *n. and a.* (קאמ-פעל′-ע-טיוו) דער טיטול אדער נאמען מיט וועלכען א פערזאן ווערט בעגריסט אדער אנגערופען; וואס איז שייך צו א טיטול אדער נאמען.

compel′latory *a.* (קאמ-פעל′-ע-טא-רי) צווינגענדיג.

compel′ler *n.* (קאמ-פעל′-ער) איינער וואס צווינגט.

compel′lingly *adv.* (קאמ-פעל′-אינג-לי) אויף א צווינגענדען אופן.

com′pend *n.* (קאמ′-פענד) א קצור פון עפּעס. ז. *compendium*.

compen′dious *a.* (קאמ-פענ′-די-אס) קורץ, בקצור; קורץ געפאסט.
His work is a **compendious** text book on chemistry.

compen′diously *adv.* (קאמ-פענ′-די-אס-לי) אויף אן אבגעקירצטען אופן; בקצור.

compen′dium *n.* (קאמ-פענ′-די-אם) א קיצור פון עפּעס; אן אויסצוג; א קורצע אבפאסונג.

compen′sate *v.* (קאמ-פענ′-סייט) ענטשעדיגען, בעלוינען, פערגיטיגען; אויסגלייכען, געגענזייטיג אויסגלייכען.

compensa′tion *n.* (קאמ-פענ-סיי′-שאן) 1. ענטשעדיגונג, בעלוינונג, פערגיטיגונג; אויסגלייכונג; 2. געגענזייטיגע אברעכענונג; 3. דאס שאפען גלייכגעוויכט [אין דער מעכאניק].
1. We receive **compensation** for our work.

compensa′tion-bal′ance *n.* (קאמ-פענ-סיי′-שאן-בעל′-ענס) דער קאמפענזאציאנס=ראד פון א כראנאמעטער אוהר [דאס רעדעל אין א כראנאמעטער וואס האט די אויפגאבע צו ווירקען געגען דעם איינפלוס פון דער טעמפעראטור אויף דער בעוועגונג פון מעכאניזם. ווי בעקאנט געהט אן אוהר אין קעלט שנעלער, און אין ווארעמקייט — לאנגזאמער].

compensa′tion-pen′dulum *n.* (קאמ-פענ-סיי′-שאן פענ′-דיו-לאם) דאס קאמפענזאציאנס=פענדעל [א פערפענדיקעל (אונרוהה) פון א זייגער וואס איז אזוי געמאכט, דאס זיין לענג זאל זיך ניט ענדערען מיט דער ענדערונג פון דער טעמפעראטור, ד. ה. ער זאל אין דער קעלט ניט קירצער ווערען און אין ווארעמקייט — ניט לענגער ווערען. אזא פערפענדיקעל ווערט צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע מעטאלען].

compen′sative *a.* (קאמ-פענ′-סיי-טיוו) אויסגלייכענדיג; פערגיטיגענדיג.

compen′sativeness *n.* (קאמ-פענ′-סיי-טיוו-נעס) אויסגלייכונג, פערגיטיגונג.

com′pensator *n.* (קאמ′-פענ-סיי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס גלייכט אויס; א מאגנעט אדער א שטיק אייזען ביי א קאמפאס צו ווירקען געגען לאקאלע איינפליסע אויף די מאגנעט=נאדעל.

compen'satory *a.* (קאמ-פענ'-סיי-טא-רי) וואס פערגיטיגט אדער ענטשעדיגט; וואס גלייכט אויס.

compen'satory dam'ages (קאמ-פענ'-סיי-טא-רי דעמ'-עדזש-עז) די בעצאהלונג פון היזק; די ענטשעדיגונג פאר פערוואונדונג.

compete' *v.* (קאמ-פיט') קאנקורירען, בעשטרעבען צו זיין גלייך מיט אימעצען אין עפּעס אדער אריבעריאגען.
We will **compete** for the prize.

com'petence *n.* (קאמ'-פי-טענס) געניטקייט; פעהיגקייט;, טויגליכקייט, געשיקטקייט; צולעסיגקייט; גוטע אויסקומענים, גענינענדע חיונה; פאסיגקייט; קאמפעטענץ, אויטאריטעט; מאכט.
I doubt his **competence** to decide this question.

com'petency *n.* (קאמ'-פי-טענ-סי) ז. *competence*

com'petent *a.* (קאמ'-פי-טענט) געניט; געאייגנעט; קאמפעטענט, פעהיג, טויגליך, געשיקט; פאסענד; וואס האט א מאכט אדער אויטאריטעט.
He feels **competent** to do the work.

com'petently *adv.* (קאמ'-פי-טענט-לי) אויף א קאמפעטענטען אופן; מיט פעהיגקייט; מיט געניטקייט; פאסענד.

competi'tion *n.* (קאמ-פי-טיש'-אן) קאנקורענץ, די בעשטרעבונג צו זיין גלייך מיט אימעצען אין עפעס אדער אריבערצויאגען.

compet'itive *a.* (קאמ-פעט'-אי-טיוו) וואס קאנקורירט; וואס איז שייך צו קאנקורענץ.

compet'itive examina'tion (קאמ-פעט'-אי-טיוו עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א קאנקורענץ עקזאמען [אן עקזאמען אין וועלכען עס האלט אויס דער, וועלכער ענטפערט אם בעסטען].

compet'itor *n.* (קאמ-פעט'-אי-טאר) א קאנקורענט.

compet'itress *n.* (קאמ-פעט'-אי-טרעס) א קאנקורענטין.

compila'tion *n.* (קאמ-פי-ליי'-שאן) א קאמפילאציאן, א זאמלונג פון אויסציגע פון פערשיעדענע פערפאסערס; דאס זאמלען מאטעריאל פון געוויסע קוועלען פאר א בוך אדער ארטיקעל; א בוך אדער ארטיקעל וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע אויסציגע.
The **compilation** of the book took three years.

com'pilator *n.* (קאמ'-פי-ליי-טאר) א קאמפילאטאר [איינער וואס שטעלט צונויף ביכער אדער ארטיקלען פון אויסציגע פון פערשיעדענע פערפאסערס].

compil'atory *a.* (קאמ-פאיל'-איי-טא-רי) וואס איז שייך צו א קאמפילאציאן. ז. *compilation*

compile' *v.* (קאמ-פאיל') קאמפילירען, צונויפשטעלען א בוך אדער אן ארטיקעל פון פערשיעדענע אויסציגע פון פערפאסערס; צונויפזאמלען און צונויפשטעלען מאטעריאלען פון פערשיעדענע ליטערארישע קוועלען.
He is about to **compile** a dictionary.

compi'ler *n.* (קאמ-פאי'-לער) א קאמפילאטאר, א זאמלער פון ארטיקלען פון פערשיעדענע פערפאסערס, איינער וואס שטעלט צונויף א בוך אדער אן ארטיקעל פון פערשיעדענע אויסציגע.

compla'cence *n.* (קאמ-פליי'-סענס) פערגניגען; צופריעדענהייט.

compla'cency *n.* (קאמ-פליי'-סענ-סי) ז. *complacence*

compla'cent *a.* (קאמ-פליי'-סענט) פערגניגט, צופריעדען; אנגענעהם.

compla'cently *adv.* (קאמ-פליי'-סענט-לי) מיט פערגניגען; מיט בעפריעדיגונג, מיט צופריעדענהייט.

complain' *v.* (קאמ-פליין') זיך בעקלאגען; קלאגען, אנקלאגען; יאמערען.

complai'nant *n.* (קאמ-פליי'-נענט) איינער וואס בעקלאגט זיך; א קלעגער, אן אנקלאגער.

complai'ner *n.* (קאמ-פליי'-נער) איינער וואס בעקלאגט זיך כסדר; איינער וואס זוכט פעהלערען.

complai'ning *n. and a.* (קאמ-פליי'-נינג) דאס בעקלאגען זיך; בעקלאגענדיג זיך.

complai'ningly *adv.* (קאמ-פליי'-נינג-לי) דורך בעקלאגען זיך; מיט אן אויסדרוק פון אונצופריעדענהייט.

complaint' *n.* (קאמ-פליינט') בעקלאגונג; א קלאגע [פאר א געריכט]; א קראנקהייט.

com'plaisance *n.* (קאמ'-פליי-זענס) דאס פריינדליכע בענעהמען זיך; געפעלינקייט.

com'plaisant *a.* (קאמ'-פליי-זענט) פריינדליך, געפעליג.

com'plaisantly *adv.* (קאמ'-פליי-זענט-לי) מיט פריינדליכקייט; אויף א פריינדליכען אופן.

com'plaisantness *n.* (קאמ'-פליי-זענט-נעס) פריינדליכקייט.

com'planate *v. and a.* (קאמ'-פליי-נייט) מאכען גלייך, מאכען גלאט; גלייך, גלאט; וואס ליעגט אין איין פלעכע [אין בעצוג צו בלעטער פון פלאנצען].

complec'ted *a.* (קאמ-פלעק'-טער) צוזאמענגעוועבט, פערוויקעלט; פון א געוויסער געזיכטס=פארב.

com'plement *n. and v.* (קאמ'-פלי-מענט) א פולע מאס אדער צאהל; א פאלקאמענער צושטאנד: פאלקאמענהייט; פאלשטענדיגקייט; ערגענצונג; א נעבענליעגענדער ווינקעל [אין געאמעטריע]; פול מאכען, אויספילען די מאס אדער די צאהל.

complemen'tal *a.* (קאמ-פלי-מענ'-טעל) ערגענצענד, פול מאכענד.

complemen'tary *a.* (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי) ז. *complemental*

complemen'tary an'gles (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי ענגלז) ווינקלען וואס בעטרעפען צוזאמען די סומע פון 90 גראד.

complete' *a. and v.* (קאמ-פליט') פאלקאמען, פאלשטענדיג; גענצליך; פאלשטענדיג מאכען, ערגענצען; פערפאלקאמענען.

complete' bo'som (קאמ-פליט' בו'-זאם) א הארציגער מענש; א טרייער, איבערגעבענער פריינד.

comple'tedness *n.* (קאמ-פלי'-טעד-נעס) דאס זיין פערענדיגט; דאס זיין פאלשטענדיג; גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

complete'ly *adv.* (קאמ-פליט'-לי) פאלשטענדיג; גענצליך; פאלקאמען.

complete'ness *n.* (קאמ-פליט'-נעס) פאלקאמענהייט; פאלשטענדיגקייט.

comple'tion *n.* (קאמ-פלי'-שאן) ערגענצונג; פערענדיגונג; פערפאלקאמונג.
The **completion** of this dictionary was eagerly awaited by many.

comple'tive *a.* (קאמ-פלי'-טיוו) ערגענצענד; פערענדיגענד.

com'plex *a. and n.* (קאמ'-פלעקס) צוזאמענגעזעצט; צונויפגעשטעלט; קאמפליצירט; שווירינג; פיעלטייליג; עטוואס וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון צוזאמענהענגענדע טיילען; א זאמלונג פון טיילען וועלכע שטעהען אין א צוזאמענהאנג ווי די טיילען פון א סיסטעם.

com'plexed *a.* (קאמ'-פלעקסט) פערוויקעלט; קאמפליצירט.

complex'ion *n.* (קאמ-פלעק'-שאן) געזיכטס=פארב; דאס אויסזעהן.
Even healthy people have often a pale **complexion**.

complex'ional *a.* (קאמ-פלעק'-שאנ-על) וואס געהערט צו דער געזיכטס=פארב; וואס אנבעלאנגט צום אויסזעהן.

complex'ionary *a.* (קאמ-פלעק'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דער געזיכטס=פארב.

complex'ioned *a.* (קאמ-פלעק'-שאנד) וואס האט א געוויסע געזיכטס=פארב.

complex'ion wa'ter (קאמ-פלעק'-שאן וואה'-טער) שעהנהייטס=וואסער [אזא וואסער צו וואשען דאס געזיכט].

complex'ity *n.* (קאמ-פלעקס'-אי-טי) פערוויקלונג; צוזאמענגעזעצטהייט.
The labor question is one of great **complexity**.

com'plexly *adv.* (קאמ'-פלעקס-לי) אויף א פערוויקעלטען אדער צוזאמענגעזעצטען אופן.

complex'us *n.* (קאמ-פלעקס'-אס) א צוזאמענזעצונג אדער צונויפבינדונג.

compli'able *a.* (קאמ-פלאי'-עבל) נאכגיעביג; צושטימיג.

compli'ance *n.* (קאמ-פלאי'-ענס) נאכגיעביגקייט; צושטימונג.
I expect an immediate **compliance** with my demands.

compli'ancy *n.* (קאמ-פלאי'-ענ-סי) ז. *compliance*

compli'ant *a.* (קאמ-פלאי'-ענט) נאכגיעביג; צושטימיג.

compli'antly *adv.* (קאמ-פלאי'-ענט-לי) דורך נאכגיעביגקייט, דורך צושטימונג.

com'plicacy *n.* (קאמ'-פלי-קע-סי) דאס זיין קאמפליצירט, פערוויקעלט; א פערוויקעלטער ענין.

com'plicate *v. and a.* (קאמ'-פלי-קייט) קאמפליצירען, פערוויקלען, פערפלאנטערען, פערפלעכטען; קאמפליצירט, פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

com'plicated *a.* (קאמ'-פלי-קיי-טעד) קאמפליצירט, פערוויקעלט, פערפלאנטערט, פערפלאכטען.

com'plicatedness *n.* (קאמ'-פלי-קיי-טעד-נעס) דאס זיין צונויפגעלעגט אדער צונויפגעפלאכטען צוזאמען.

com'plicately *adv.* (קאמ'-פלי-קייט-לי) אויף א קאמפליצירטען, פערוויקעלטען אופן.

com'plicateness *n.* (קאמ'-פלי-קייט-נעס) דאס זיין קאמפליצירט, פערוויקעלט.

complica'tion *n.* (קאמ-פלי-קיי'-שאן) קאמפליצירונג, פערוויקלונג, צונויפפלעכטונג, פערפלאנטערונג.

com'plicative *a.* (קאמ'-פלי-קיי-טיוו) וואס מאכט קאמפליצירט, וואס פערוויקעלט.

complic'ity *n.* (קאמ-פליס'-אי-טי) די מיטשולדיגקייט אין א פערברעכען.
The **complicity** of the prisoners in the crime was established in court.

compli'er *n.* (קאמ-פלאי'-ער) איינער וואס גיט נאך אדער שטימט גלייך איין.

com'pliment *n. and v.* (קאמ'-פלי-מענט) א קאמפלימענט; א לויב; א חניפה; מאכען קאמפלימענטען; לויבען; גראטולירען, בעגליקווינשען.

complimen'tarily *adv.* (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי-לי) אויף א העפליכען אדער שמייכעלהאפטען אופן.

complimen'tary *a.* (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי) שמייכעלהאפט, חניפה'דיג; העפליך.

You are very complimentary.

complimen'tary col'or (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי קאל'-אר) איינער פון די צוויי קאלירען, וואס ווען זיי ווערען פערבונדען גיבען זיי ארוים א ווייסען קאליר.

complimen'tary tick'ets (קאמ-פלי-מענ'-טע-רי טיק'-עטס) פרייע בילעטען וואס ווערען געגעבען אוים העפליכקייט.

com'plimenter *n.* (קאמ'-פלי-מענ-טער) א קאמפלימענטען-מאכער, א שמייכלער.

com'pliments of the sea'son (קאמ'-פלי-מענטס אוו טהי סיזען) יום-טוב-גרוס [ווי א כשר'ער פסח, א פרעהליכער יום-טוב, לשנה טובה תכתבו, א גמר חתימה טובה א. ד. ג.].

Accept the compliments of the season from me.

com'plin *n.* (קאמ'-פלין) די לעצטע בייאכטיגע תפילה אין קירך.

com'pline *n.* (קאמ'-פלין) ז. *complin*

com'plot *n.* (קאמ'-פלאט) א קאמפלאט, א געהיימער בונד, א פערווערונג, א קאנספיראציע.

complot' *v.* (קאמ-פלאט') מאכען א קאמפלאט, מאכען א בונט; זיך פעראייניגען געגען אימיצען אין געהיים; מאכען א פערשווערונג אדער א קאנספיראציע.

complot'ment *n.* (קאמ-פלאט'-מענט) דאס מאכען א קאמפלאט, פערשווערונג אדער קאנספיראציע.

complot'ter *n.* (קאמ-פלאט'-ער) א פערשווערער, א קאנספיראטאר, א קאמפלאט-מאכער.

complot'tingly *adv.* (קאמ-פלאט'-טינג-לי) דורך א פערשווערונג, דורך א קאמפלאט אדער קאנספיראציע.

comply' *v.* (קאמ-פלאי') נאכגעבען; טהאן איינעמס וואונש; פאלגען.

I shall comply with your request and will send you a copy of my last article.

com'po *n.* (קאמ'-פאו) די צוזאמענזעצונג [פון פערשידענע שטאפען]; טינק [אזא צונויפמישונג פון פערשידענע שטאפען מיט וואס מען טינקעוועט ווענד אדער סטעליעס].

compo'né *a.* (קאמ-פאו'-נע) ז. *componed*

componed' *a.* (קאמ-פאונד') צונויפגעשטעלט פון קליינע קוואדראטען אין צוויי פארבען [וועגען הערבען אדער שילדען].

compo'nency *n.* (קאמ-פאו'-נען-סי) די צונויפזעצונג, דער בעשטאנד.

com'ponend *n.* (קאמ'-פא-נענד) עטוואס וואס איז צונויפגעשטעלט אדער צונויפגעזעצט.

compo'nent *n. and a.* (קאמ-פאו'-נענט) א בעשטאנדטייל, איינער פון די גרונד-טיילען פון וועלכע עפעס איז צוזאמענגעזעצט; וואס איז א בעשטאנדטייל.

Oxygen is a component part of water.

componen'tal *a.* (קאמ-פא-נענ'-טעל) וואס איז שייך צו א בעשטאנדטייל.

compo'nent of a force (קאמ-פאו'-נענט אוו ע פאורס) א קראפט-קאמפאנענט [אן אויסדרוק אין דער מעכאניק פאר דעם בעשטאנדטייל פון א רעזולטירענדער קראפט].

comport' *v.* (קאמ-פאורט') איינשטימען; פאסען; זיין צוגעפאסט; זיך בענעהמען, זיך אויפפיהרען.

compor'table *a.* (קאמ-פאור'-טעבל) וואס שטימט איין; וואס איז צוגעפאסט.

comport'ment *n.* (קאמ-פאורט'-מענט) אויפפיהרונג, בענעהמונג.

compose' *v.* (קאמ-פאוז') צוזאמענזעצען; פערפאסען; ברייגנען אין ארדנונג; בערוהיגען; שליכטען; זעצען [דרוקשריפט]; צונויפשטעלען דעם זאץ [אין דרוקעריי]; קאמפאנירען.

composed' *a.* (קאמ-פאוזד') רוהיג; געלאסען; געזעצט, ערנסט.

compo'sedly *adv.* (קאמ-פאו'-זעד-לי) אויף א רוהיגען, געלאסענעם אופן; מיט ערנסט, מיט געזעצטקייט.

compo'sedness *n.* (קאמ-פאו'-זעד-נעס) געלאסענהייט, רוהיגקייט, געזעצטקייט.

composed' of (קאמ-פאוזד' אוו) צוזאמענגעזעצט פון..., בעשטעהט פון...

Water is composed of oxygen and hydrogen.

compose' one's mind (קאמ-פאוז' וואנז מאינד) זיך בערוהיגען.

compose' one's self (קאמ-פאוז' וואנז סעלף) זיך פאסען; זיך בערוהיגען.

compo'ser *n.* (קאמ-פאו'-זער) א קאמפאזיטאר, א פערפאסער פון מוזיק; א צוזאמענשטעלער; א בערוהיגער, א שליכטער פון שטרייטיגקייטען.

compo'sing *n. and a.* (קאמ-פאו'-זינג) דאס זעצען [פון שריפט אין א דרוקעריי], דאס צונויפשטעלען דעם זאץ [אין דרוקעריי]; דאס פערפאסען; דאס צונויפשטעלען; בערוהיגענד.

compo'sing draught (קאמ-פאו'-זינג דרעפט) א בערוהיגענדער געטראנק.

compo'sing-frame *n.* (קאמ-פאו'-זינג-פריים) דער ראהם אין וועלכען עס איז אריינגעשטעלט דער שריפט-קאסטען [אין א דרוקעריי].

compo'sing-machine' *n.* (קאמ-פאו'-זינג-מע-שין') א שריפט-זעץ-מאשין.

compo'sing-room *n.* (קאמ-פאו'-זינג-רוהם) דאס צימער אין א דרוקעריי, וואו דער זאץ ווערט צונויפגעשטעלט און פארטיג געמאכט צום דרוקען.

compo'sing-rule *n.* (קאמ-פאו'-זינג-רוהל) די זעץ-ליניע [א מעשענע אדער שטאלענע דינע ליניייקע וואס ווערט בענוצט פון האנד-שריפט-זעצער ביים צונויפשטעלען די שורות].

compo'sing-stand *n.* (קאמ-פאו'-זינג-סטענד) ז. *composing-frame*

compo'sing-stick *n.* (קאמ-פאו'-זינג-סטיק) דער ווינקעל-האקען [אזא קליינער אייזערנער ראהם וואס ווערט בענוצט פון האנד-שריפט-זעצער ביים זעצען שורות].



Composing Stick

Compos'itæ *n.* (קאמ-פאז'-אי-טי) דער מין פלאנצען וואס זייערע בליהונגען זעהען אוים ווי זיי וואלטען בעשטעהן פון פיעלע קליינע בלומען [דאס איז דער פערשפרייטעסטער פלאנצען מין אין דער וועלט, ער צעהלט זיך ביז 10 טויזענד ארטען].

compos'ite *a. and n.* (קאמ-פאז'-איט) צוזאמענגעזעצט [פון טיילען]; עטוואס וואס איז צוזאמענגעזעצט פון טיילען.

compos'ite arch (קאמ-פאז'-איט ארטש) א רונדונג פון א געביידע וואס איז צונויפגעשטעלט פון מעהרערע קרייזען.

compos'ite flow'ers (קאמ-פאז'-איט פלאו'-ערז) אזא מין בלומען וואס זייערע בליהונגען זעהען אוים ווי זיי וואלטען בעשטעהן פון פיעלע קליינע בלומען.

compos'ite joint (קאמ-פאז'-איט דזשאינט) א געלענק וואס ערלויבט צו מאכען אי האריזאנטאלע אי ווערטיקאלע בעוועגונג.

compos'ite num'bers (קאמ-פאז'-איט נאמ'-בערז) צאהלען וועלכע קענען צוטיילט ווערען אהן א רעסט פון אנדערע צאהלען, וועלכע זיינען העכער אלס 1. צ. ב. די צאהלען 4, 6, 8, 9, א. ז. וו. די צאהל 3 אדער 7 א. ד. ג. געהערען אלזא ניט צו אזעלכע צאהלען.

compos'ite pho'tograph (קאמ-פאז'-איט פאו'-טא-גרעף) א בילד צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע פאטאגראפישע בילדער.

composi'tion *n.* (קאמ-פא-זיש'-אן) א קאמפאזיציאן [א מוזיקאלישע פערפאסונג]; א צוזאמענזעצונג; א צוזאמענגעזעצטע זאך; א פערפאסונג; אן אויפזאץ; א דרוק-זאץ.

composi'tion cloth (קאמ-פא-זיש'-אן קלאטה) לייוואנד וואס איז דורכגענומען מיט אזא שטאף וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער.

composi'tion deed (קאמ-פא-זיש'-אן דיעד) אן אויסגלייך אבמאך צווישען א קרעדיטאר און זיין דעביטאר [מלוה און לוה].

composi'tion met'al (קאמ-פא-זיש'-אן מעט'-על) א מעטאל וואס איז צוזאמענגעזעצט פון קופער, צינק א. ד. ג.; מעש.

compos'itive *a.* (קאמ-פאז'-אי-טיוו) צוזאמענזעצענד; צוזאמענגעזעצט.

compos'itor *n.* (קאמ-פאז'-אי-טאר) א זעצער אין א דרוק, א שריפטזעצער; א זעצער וואס שטעלט צונויף דעם זאץ אין עמודים; א זעץ-מאשין [אין א דרוקעריי].

com'pos men'tis (קאמ'-פאס מענ'-טיס) מיט א קלארען קאפ.

com'post *n. and v.* (קאמ'-פאוסט) קאמפאסט [א צוזאמענמישונג פון פערשיעדענע זאכען, וואס דיענט צו בעמיסטינגען א פעלד]; בעמיסטינגען א פעלד מיט קאמפאסט.

compo'sure *n.* (קאמ-פאו'-זשור) דאס צוזאמענזעצען, א צוזאמענזעצונג; געזעצטקייט, ערנסטקייט; רוהיגקייט.

compota'tion *n.* (קאמ-פא-טיי'-שאן) דאס טרינקען אדער שכור'ען צוזאמען.

com'pote *n.* (קאמ'-פאוט) קאמפאט [געקאכטע פרוכט].

compotier' *n.* (קאמ-פא-טי-איי') א גלעזערנע כלי אין וועלכער מען האלט קאמפאט.

com'pound *a. and n.* (קאמ'-פאונד) צוזאמענגעזעצט, צוזאמענגעמישט; א פראדוקט פון צוזאמענגעמישטע מאטעריאלען; אן ארומגעצאמטער הויף מיט אלע זיינע געביידען [אין אסט-אינדיען].

compound' *v.* (קאמ-פאונד') צוזאמענ-

זעצען, פערבינדען, צוזאמענמישען; קומען צו א פשרה אין א מחלוקה; קומען צו א פערשטענדיגונג דורך אן אבמאך וועגען קויפען סחורות אויף א נידעריגערען פרייז אדער ארונטערלאזען א געוויסע סומע פון א חוב; אויסבילדען, גרינדען, פארמירען.

compoun'dable *a.* (קאמ-פאונ'-דעבל) וואס מען קען צוזאמענמישען.

com'pound addi'tion (קאמ'-פאונד ע-דיש'-אן) געמישטער חבור, א חבור פון צוויי אדער. מעהרערע פערשיעדענע זאכען פון איין ארט צ. ב. פון ארשין, פוס און צאלל.

compoun'der *n.* (קאמ-פאונ'-דער) א צוזאמענזעצער, צוזאמענמישער.

com'pound frac'tion (קאמ'-פאונד פרעק'-שאן) א ברוך-צאהל פון א ברוך-צאהל, ווי צ. ב. א העלפט פון צוויי דריטעל.

com'pound in'terest (קאמ'-פאונד אינ'-טער-עסט) פראצענט אויף פראצענט.

com'pound met'al (קאמ'-פאונד מעט'-על) די לעגירונג [א צוזאמענשמעלצונג פון צוויי אדער עטליכע מעטאלען].

com'pound num'ber (קאמ'-פאונד נאמ'-בער) א צאהל וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי אדער עטליכע זאכען פון דעם זעלבען ארט, ווי למשל, 3 שטונדען מיט 30 מינוט מיט 40 סעקונדען.

com'pound ra'tio (קאמ'-פאונד ריי'-שיאו) א צוזאמענגעזעצטע פערהעלטנים פון צאהלען, ד. ה. א פראפארציאן, וועלכע בעקומט זיך פון כפל'ען צוויי אדער עטליכע אנדערע פראפארציאנען, ווי למשל, די פערהעלטנים פון 6 צו 15 בעקומט זיך פון כפל'ען די פראפארציאנען 2 צו 3 און 3 צו 5. [(3:5)×(2:3)=6:15].

com'pound screw (קאמ'-פאונד סקרוה) א קאמבינירטע שרויף [א שרויף וואס איהר שרויבענגאנג איז פערשיעדענארטיג: אדער דער שרויבענגאנג איז אין איין ארט דינער און אין דעם צווייטען דיקער, אדער ער געהט אין איין ארט רעכטס און אין דעם אנדערען ארט לינקס].



Compound Screws

com'pound sen'tence (קאמ'-פאונד סענ'-טענס) א צוזאמענגעזעצטער זאץ [א זאץ, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי אדער עטליכע גראמאטיקאליש זעלבסטשטענדיגע זעצע, ווי למשל, די זון איז אויפגעגאנגען, עס איז געווארען ליכטיג און עס האט זיך אנגעהויבען דער טאג].

com'pound word (קאמ'-פאונד הוואירד) א צוזאמענגעזעצט ווארט [א ווארט וואס איז צוזאמענגעזעצט פון צוויי אדער עטליכע ווערטער, ווי למשל, אונטער-געהן, דאמפף-מאשין א. ד. ג.].

comprehend' *v.* (קאמ-פרי-הענד') צוזאמענפאסען, ענטהאלטען; בעגרייפען.
Mathematics is a subject which many find difficult to **comprehend.**

comprehen'der *n.* (קאמ-פרי-הענ'-דער) דער וואס פאסט ארום; דער וואס בעגרייפט.

comprehen'dible *a.* (קאמ-פרי-הענ'-דיבל) ז. *comprehensible*

comprehensibil'ity *n.* (קאמ-פרי-הענ-סי-ביל'-אי-טי) דאס זיין פערשטענדליך אדער בעגרייפליך.

comprehen'sible *a.* (קאמ-פרי-הענ'-סיבל) בעגרייפליך; פערשטענדליך.

comprehen'sibleness *n.* (קאמ-פרי-הענ'-סיבל-נעס) בעגרייפליכקייט; דאס קענען זיין בעגרייפליך.

comprehen'sibly *adv.* (קאמ-פרי-הענ'-סי-בלי) פערשטענדליך; אויף א בעגרייפליכען שטייגער.

comprehen'sion *n.* (קאמ-פרי-הענ'-שאן) דאס בעגרייפען; דאס אומפאסען: די פעהיגקייט צו בעגרייפען; די השגה; אין לאגיק — די סומע פון אלע אייגענשאפטען, וועלכע ענטהאלטען זיך אין בעגריף וועגען א געוויסער זאך, ווי למשל, אין בעגריף "מענש" ענטהאלטען זיך די אייגענשאפטען: שכל, געפיהל, זיטליכקייט א. ז. וו.

comprehen'sive *a.* (קאמ-פרי-הענ'-סיוו) אומפאסענד; וואס קען פיעל אומפאסען אדער ענטהאלטען; וואס קען פערשטעהן אדער בעגרייפען.

comprehen'sively *adv.* (קאמ-פרי-הענ'-סיוו-לי) דורך בעגרייפען, פערשטעהן אדער אומפאסען.

comprehen'siveness *n.* (קאמ-פרי-הענ'-סיוו-נעס) די פעהיגקייט פיעל צו בעגרייפען אדער צו ענטהאלטען.

compress' *v.* (קאמ-פרעס') צוזאמענדריקען; צונויפפרעסען.

com'press *n.* (קאמ'-פרעס) א קאמפרעס; אן אינסטרומענט צוזאמענצופרעסען זאכען.

compressed' *a.* (קאמ-פרעסט') צוזאמענגעדריקט, צונויפגעפרעסט.

compressed' air (קאמ-פרעסט' עהר) צונויפגעפרעסטע לופט [דיענט אלס טרייבקראפט אין א מאשין אנשטאט דאמפף א. ד. ג.]

compressed'-air en'gine (קאמ-פרעסט'-עהר ענ'-דזשין) א מאשין וואס ווערט געטריבען דורך צונויפגעפרעסטע לופט [אנשטאט דאמפף א .ד. ג.].

compressed' type (קאמ-פרעסט' טאיפ) א געוויסער סארט שמאלער דרוק-שריפט.

compressibil'ity *n.* (קאמ-פרעס-אי-ביל'-אי-טי) צוזאמענדריקבארקייט, דאס קענען זיין צוזאמענגעדריקט.

compress'ible *a.* (קאמ-פרעס'-איבל) צוזאמענדריקבאר, וואס מען קען צוזאמענדריקען.

compress'ibleness *n.* (קאמ-פרעס'-איבל-נעס) ז. *compressibility*

compressicau'date *a.* (קאמ-פרעס-אי-קאה'-דייט) מיט א צוזאמענגעדריקטען עק [ביי געוויסע חיות].

compres'sion *n.* (קאמ-פרעש'-אן) צוזאמענדריקונג; דאס צוזאמענדריקען; דאס זיין צוזאמענגעדריקט.

compress'ive *a.* (קאמ-פרעס'-איוו) צוזאמענדריקענד, וואס קען צוזאמענדריקען.

compress'or *n.* (קאמ-פרעס'-אר) איינער אדער עפעס וואס דריקט צוזאמען; א צונויפפרעסער.

comprise' *v.* (קאמ-פראיז') ענטהאלטען; ארומנעהמען.
The German Empire **comprises** a number of separate states.

comprize' *v.* (קאמ-פראיז') ז. *comprise*

com'promise *n. and v.* (קאמ'-פרא-מאיז) א קאמפראמיס, א פשרה צווישען צוויי שטרייטענדע צדדים, וואו ביידע לאזען עפעס ארונטער פון זייערע פאדערונגען; אן איינפערשטענדנים פון צוויי שטרייטענדע צדדים, אז זייער זאך זאל איבערגעגעבען ווערען צו בוררים; קאמפראמעטירען, מאכען צו שאנד; מאכען א קאמפראמיס, קומען צו א פשרה דורך ארונטערלאזען געוויסע פאדערונגען.

com'promiser *n.* (קאמ'-פרא-מאי-זער) א פשרה-מאכער; דער וואס קאמפראמעטירט.

comp'tant *n.* (קאונ'-טענט) מזומן, בארעס געלד.

comptrol'ler *n.* (קאנ-טראו'-לער) א קאנטראלער, אן אויפזעהער, א רעגולירער, הויפטזעכליך איינער וואס רעגולירט די ביכער און פינאנסען פון דער רעגיערונג.

comptrol'lership *n.* (קאנ-טראו'-לער-שיפ) דאס אמט פון א קאנטראלער.

compul'satory *a.* (קאמ-פאל'-סע-טא-רי) געצוואונגען; געטריבען דורך א קראפט.

compul'sion *n.* (קאמ-פאל'-שאן) צוואנג, נויטיגונג; דאס טרייבען דורך א קראפט.

compul'sive *a.* (קאמ-פאל'-סיוו) צווינגענד; טרייבענד דורך א קראפט.

compul'sively *adv.* (קאמ-פאל'-סיוו-לי) אויף א צווינגענדען אופן; געצוואונגענערהייט.

compul'siveness *n.* (קאמ-פאל'-סיוו-נעס) ז. *compulsion*

compul'sorily *adv.* (קאמ-פאל'-סא-רי-לי) מיט צוואנג, דורך צוואנג

compul'soriness *n.* (קאמ-פאל'-סא-רי-נעס) דער צוואנג, דאס זיין צווינגענד.

compul'sory *a.* (קאמ-פאל'-סא-רי) צווינגענד; געטריבען דורך א קראפט; אבליגאטאריש.

compunc'tion *n.* (קאמ-פאנק'-שאן) געוויסענסביסע, חרטה.

compunc'tionless *a.* (קאמ-פאנק'-שאנ-לעס) אהן געוויסענסביסע; אהן חרטה.

compunc'tious *a.* (קאמ-פאנק'-שאס) וואס האט חרטה; פול מיט געוויסענסביסע.

compunc'tiously *adv.* (קאמ-פאנק'-שאס-לי) מיט געוויסענסביסע אדער מיט חרטה.

compurga'tion *n.* (קאמ-פויר-גיי'-שאן) די בעשטעטיגונג מיט א שבועה, אז מען קען דעם אנגעקלאגטען'ס שבועה גלויבען [א געוויסע פארם פון דער אלט-ענגלישער געריכטס-פיהרונג, וואו דער בעשולדיגטער פלעגט האבען רעכט צו ברייגנען צוועלף בעקאנטע פערזאן וועלכע פלעגען שווערען, אז מען קען גלויבען דעם אנגעקלאגטען'ס שבועה וועגען זיין אונשולד און דערמיט פלעגט מען איהם בעפרייען].

com'purgator *n.* (קאמ'-פויר-גיי-טאר) איינער וואס בעשטעטיגט אונטער א שבועה אז מען קען דעם אנגעקלאגטען גלויבען.

compurgato'rial *a.* (קאמ-פויר-גע-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו דער בעשטעטיגונג מיט א שבועה, אז מען קען דעם אנגעקלאגטען גלויבען אין זיין אונשולד.

compur'gatory *a.* (קאמ-פויר'-גע-טא-רי) וואס איז שייך צום עדות, וועלכער בעשטעטיגט מיט א שבועה, אז מען קען דעם אנגעקלאגטען גלויבען אין זיין אונשולד.

computabil'ity *n.* (קאמ-פיו-טע-ביל'-אי-טי) די אייגענשאפט פון קענען צוזאמענגערעכענט אדער געצעהלט ווערען.

compu'table *a.* (קאמ-פיו'-טעבל) וואס מען קען צוזאמענרעכענען אדער צעהלען.

computa'tion *n.* (קאמ-פיו-טיי'-שאן) צוזאמענרעכנונג; צעהלונג; די סומע, וואס האט זיך בעקומען פון צוזאמענרעכנונג אדער צונויפצעהלונג.

compute' *v.* (קאמ-פיוט') צוזאמענרעכענען, צעהלען.

compu'ter *n.* (קאמ-פיו'-טער) דער צוזאמענרעכנער.

com'rade *n.* (קאמ'-רעד) א קאמעראד, א חבר, א גענאסע.

com'radeship *n.* (קאמ'-רעד-שיפ) חבר'שאפט; דאס זיין א קאמעראד.

con *n., v. and adv.* (קאן) וויסען; לערנען אויף אויסווענינג; נאכדענקען; פיהרען א שיף; די פאזיציאן אין וועלכע דער וואס פיהרט א שיף געפינט זיך; געגען [פון ווארט *contra*].

con amo're (קאן א-מאו'-ריי) מיט ליעבע, מיט געפיהל, הארציג.

cona'tion *n.* (קא-ניי'-שאן) דאס שטרעבען צו...; דער פערלאנג.

co'native *a.* (קאו'-נע-טיוו) וואס איז שייך צום שטרעבען אדער צום פערלאנג.

cona'tus *n.* (קא-ניי'-טאס) די שטרעבונג; דאס שטרעבען פון א קערפער אין א געוויסער ריכטונג.

concat'enate *v. and a.* (קאן-קעט'-ע-נייט) פערקייטלען, צוזאמענקייטלען; צוזאמענגעקייטעלט, פערבונדען איינע מיט די אנדערע.

concatena'tion *n.* (קאן-קעט-ע-ניי'-שאן) פערקייטלונג, צוזאמענקייטונג; א רייה פון זאכען איינע צוזאמענגעקייטעלט מיט די אנדערע.

concava'tion *n.* (קאן-קע-וויי'-שאן) דאס מאכען קאנקאוו [אויסגעבויגען פון אינווענינג].

con'cave *a. and n.* (קאן'-קייוו) קאנקאוו, אויסגעבויגען פון אינווענינג; געוועלביג; א זאך וואס איז אויסגעבויגען פון אינווענינג.

con'cavely *adv.* (קאן'-קייוו-לי) אויף א קאנקאווען אופן.

con'cave mir'ror (קאן'-קייוו מיר'-אר) א קאנקאווער שפיגעל [א שפיגעל וואס איז האלב רונד אויסגעבויגען פון אינווענינג].

con'caveness *n.* (קאן'-קייוו-נעס) דאס זיין קאנקאוו, די אויסגעבויגענקייט פון אינווענינג.

concav'ity *n.* (קאן-קעוו'-אי-טי) די אויסהוילונג, דאס זיין קאנקאוו [אויסגעבויגען פון אינווענינג]; א קאנקאווע אויבערפלעכע.

conca'vo-con'cave *a.* (קאן-קיי'-וואו-קאן'-קייוו) קאנקאוו [אויסגעהוילט] פון ביידע זייטען.

conca'vo-con'vex *a.* (קאן-קיי'-וואו-קאן'-וועקס) פון איין זייט קאנקאוו און פון דער אנדערער זייט קאנוועקס [האלברונד אריינגעבויגען פון איין זייט און האלב-רונד ארויסגעבויגען פון דער אנדערער זייט].

conceal' *v.* (קאן-סיעל') פערבארגען, בעהאלטען.

concea'lable *a.* (קאן-סיע'-לעבל) וואס מען קען פערבארגען אדער בעהאלטען.
There is nothing **concealable** from God.

concealed' *a.* (קאן-סיעלד') פערבארגען, בעהאלטען, פערדעקט.

concea'ledly *adv.* (קאן-סיע'-לעד-לי) פערבארגענערהייט, בעהאלטענערהייט.

concea'ledness *n.* (קאן-סיע'-לעד-נעס) בעהאלטענקייט, פערבארגענקייט.

concea'ler *n.* (קאן-סיע'-לער) דער פערבארגער; דער וואס בעהאלט.

conceal'ment *n.* (קאן-סיעל'-מענט) די פערבארגונג, בעהאלטונג; דאס פערדעקען אדער דאס זיין פערדעקט; דער ארט וואו מען קען זיך בעהאלטען.

concede' *v.* (קאן-סיד') נאכגעבען; אונטערגעבען זיך; אנערקענען אלס א רעכט אדער אלס ריכטיג; דערלאזען א זאך.
Turkey would not **concede** Italy's claim to Tripoli.

conce'ded *a.* (קאן-סי'-דעד) ערלויבט; נאכגעגעבען; אנערקענט אלס א רעכט אדער ריכטיג.
He **conceded** many privileges to the people.

conce'dedly *adv.* (קאן-סי'-דעד-לי) לויט דער נאכגעבונג; לויט דער אנערקענונג אלס גערעכט אדער ריכטיג.

conce'der *n.* (קאן-סי'-דער) דער וואס גיט נאך; דער וואס אנערקענט אלס גערעכט אדער ריכטיג.

conceit' *n.* (קאן-סיט') איינבילדונג; א צו הויכע מיינונג איבער זיך; א פאנטאסטישע איינבילדונג, א פאנטאסטישער פערלאנג; א וויץ, א שארפזיניגער געדאנק; א מאדנער ארטיקעל אדער צייכנונג; די בעגרייפונגס-קראפט; יעדע זאך וואס מען קען בעגרייפען אדער פערשטעהן.

concei'ted *a.* (קאן-סי'-טעד) איינגעבילדעט; מיט א צו הויכע מיינונג איבער זיך; פול מיט פאנטאסטישע אידעען אדער פערלאנגען.

concei'tedly *adv.* (קאן-סי'-טעד-לי) דורך איינבילדונג; עגאאיסטיש, האלטענדיג זעהר שטארק פון זיך אליין.
He speaks **conceitedly** of his actions.

concei'tedness *n.* (קאן-סי'-טעד-נעס) דאס האלטען זעהר פיעל פון זיך אליין; דאס איינבילדען זיך.

conceivabil'ity *n.* (קאן-סיע-ווע-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו בעגרייפען אדער פערשטעהן אן עניין.

concei'vable *a.* (קאן-סיע'-וועבל) בעגרייפליך, דענקבאר.
It is **conceivable** that war should be abolished.

concei'vableness *n.* (קאן-סיע'-וועבל-נעס) בעגרייפליכקייט; דענקבארקייט.

concei'vably *adv.* (קאן-סיע'-ווע-בלי) דורך בעגרייפען; אויף א דענקבארען אופן.

conceive' *v.* (קאן-סיעוו') בעגרייפען, פאסען א זאך; מאכען זיך א פארשטעלונג אדער בעשאפען אן אידעע וועגען עפעס; דורכגעדרונגען ווערען מיט אן אידעע אדער געפיהל; פארמולירען אדער אויסדריקען אין ווערטער א געוויסע זאך; ווערען בעפרוכטעט, שוואנגער ווערען; האלטען עפעס פאר ריכטיג; מיינען, דענקען; אויסבילדען אלס א פרוכט, אנהויבען צו ענטוויקלען אין מוטער'ס בויך.

concei'ver *n.* (קאן-סיע'-ווער) דער וואס בעגרייפט; דער וואס מאכט זיך א פארשטעלונג.

concei'ving *n.* (קאן-סיע'-ווינג) דאס בעגרייפען; דאס בעפרוכטען זיך, דאס שוואנגער ווערען.

concen'ter *v.* (קאן-סען'-טער) קאנצענטרירען, קומען אדער ברייגנען צו אן אלגעמיינעם פונקט; צוזאמענקומען אין איין פונקט.

con'centrate *v., a. and n.* (קאן'-סען-טרייט) קאנצענטרירען, צוזאמענברייגנען אין איין פונקט; מאכען שטארקער, געדיכטער; אין כעמיע — מאכען שטארקער אדער רייגער, דערווייטערענדיג די זייטיגע ניט וויכטיגע עלעמענטען; אין בערגארבייט — אבטיילען דאס מעטאל אדער ערץ פון די ערד און שטיינער, מיט וועלכע דאס ווערט צוזאמען אויסגעגראבען; געבראכט געווארען צו א שטארקערען אדער רייגערען צושטאנד; דאס וואס איז געבראכט געווארען צו א שטארקערען אדער רייגערען צושטאנד.

con'centrated *a.* (קאן'-סען-טריי-טעד) קאנצענטרירט, געבראכט געווארען צו איין אלגעמיינעם פונקט; שטארקער אדער רייגער געווארען דורך א כעמישע קאנצענטרירונג.

concentra'tion *n.* (קאן-סען-טריי'-שאן) דאס קאנצענטרירען, דאס ברייגנען צו איין פונקט; צוזאמענדרענגונג; די כעמישע קאנצענטרירונג [דאס פערשטארקען די אייגענשאפטען פון א געוויסען כעמישען פראדוקט דורך דערווייטערען די זייטיגע, ניט וויכטיגע עלעמענטען]; דאס אבטיילען פון אויסגעגראבענע מעטאלען די שטיקער ערד אדער שטיין, מיט וועלכע זיי זיינען בעהעפט.

concen'trative *a.* (קאן-סען'-טרע-טיוו) וואס האט א נייגונג צו קאנצענטרירען אדער צוזאמענברייגנען אין איין פונקט; וואס כאראקטעריזירט זיך דורך קאנצענטרירונג.

concen'trativeness *n.* (קאן-סען'-טרע-טיוו-נעס) קאנצענטרירונג; די פעהיגקייט אדער קראפט צו ברייגנען צו איין פונקט אדער זיך קאנצענטרירען.

con'centrator *n.* (קאן'-סען-טריי-טאר) א קאנצענטרירער, איינער אדער עפעס וואס ברייגנט צוזאמען אין איין פונקט; א דראט אדער אן אנדער זאך, וואס האלט צוזאמען די קויל און די פאטראנע, כדי דער שאס פון ביקס זאל זיין א ווייטערער און שטארקערער; די מאשין וועלכע טיילט אב ערץ [אויסגעגראבענע רויהע מעטאלען] פון דער ערד און שטיינער, מיט וועלכע זי איז צוזאמענגעוואקסען.

concen'tre *v.* (קאן-סען'טר) ז. *concenter*.

concen'tred gra'vy (קאן-סען'-טערד גריי'-ווי) שטארק איינגעקאכטע פלייש-זופ.

concen'tric *a.* (קאן-סען'-טריק) קאנצענטריש, האבענדיג א געמיינשאפטליכען מיטעלפונקט, ווי למשל, א רייה קרייזען, וועלכע רינגלען ארום איין מיטעלפונקט.

concen'trical *a.* (קאן-סען'-טרי-קעל) ז. *concentric*.

concen'trically *adv.* (קאן-סען'-טרי-קעל-אי) אויף א קאנצענטרישען אופן. ז. *concentric*.

concentric'ity *n.* (קאן-סען-טרים'-אי-טי) דאס זיין קאנצענטריש, דאס האבען איינעם און דעמזעלבען מיטעלפונקט.

con'cept *n.* (קאן'-סעפט) אן אלגעמיינער בעגריף [ווי למשל, "א פיער-פיסיגע חיה" איז אן אלגעמיינער בעגריף, וועלכער שליסט איין אלע חיות וואס האבען פיער פיס].

concep'tacle *n.* (קאן-סעפ'-טעקל) דאס וואס ענטהאלט עפעס, א כלי; די שיסעלע ביי געוויסע פלאנצען.

concep'tion *n.* (קאן-סעפ'-שאן) דאס

בעגרייפען; די פעהיגקייט אויסצובילדען אלגעמיינע בעגריפע; א בעגריף, אן אידעע, א מיינונג; א פּלאן; אן ערפינדונג; דאס בעפרוכטען זיך אדער שוואנגער ווערען; דער אנהויב פון לעבענס=ענטוויקלונג ביי א קינד אין מוטער'ס בויך; דער אנהויב, די ערשטע שטופע פון ענטוויקלונג.

concep'tionalist *n.* (קאנ-סעפּ'-שאנ-על-איסט) אן אנהענגער פון דער קאנצעפּציאנאליסטישער לעהרע. ז. *conceptualism*.

concep'tionist *n.* (קאנ-סעפּ'-שאנ-איסט) ז. *conceptionalist*.

concep'tive *a.* (קאנ-סעפּ'-טיוו) וואס קען בעגרייפען; וואס קען בעפרוכטעט ווערען.

concep'tual *a.* (קאנ-סעפּ'-טשו-על) וואס איז שייך צו א בעגריף.

concep'tualism *n.* (קאנ-סעפּ'-טשו-על-איזם) די פּסיכאלאגישע לעהרע אז די קלאססען=נעמען [ווי מיז, חיה א. ד. ג.] זיינען ניט בלויז נעמען, נאר זיי זיינען אידעען, וועלכע עקזיסטירען ווירקליך אין געדאנק, כאטש אויסערן געדאנק, אלס געגענשטענדע עקזיסטירען זיי ניט. [דיזע לעהרע טרעט ארויס אלס געגענזאץ צום נאמינאליזם, וועלכער בעהויפּטעט אז די קלאססען=נעמען זיינען בלויז נעמען, און צום רעאליזם, וועלכער בעהויפּטעט אז די קלאססען=נעמען זיינען ווירקליכע געגענשטענדע].

concep'tualist *n.* (קאנ-סעפּ'-טשו-על-איסט) דער אנהייענגער פון דער קאנצעפּציאנאליסטישער לעהרע. ז. *conceptualism*.

conceptualis'tic *a.* (קאנ-סעפּ-טשו-על-יס'-טיק) וואס איז שייך צו דער קאנצעפּציאנאליסטישער לעהרע. ז. *conceptualism*.

concern' *v. and n.* (קאנ-סוירן') האבען א שייכות צו עפּעס; נוגע זיין אדער בעלאנגען צו אימעצען; זיין וויכטיג פאר עפּעס אדער פאר אימעצען; פעראינטערעסירען זיך אדער אבגעבען זיך מיט א זאך; בעאונרוהיגען זיך וועגען עפּעס; א וויכטיגע זאך, אן עניו, אן עסק; אונרוהיגקייט אדער זארג וועגען עפּעס; א געשעפט; א גרויסע, שווערע זאך.

He is much concerned over his failure to hear from his brother.

concerned' *a.* (קאנ-סוירנד') בעקימערט, פעראינטערעסירט; בעטראפען.

concer'nedly *adv.* (קאנ-סויר'-נעד-לי) בנוגע צו עפּעס; מיט אונרוהיגקייט.

concerned' par'ties (קאנ-סוירנד' פּאר'-טיעז) די פעראינטערעסירטע צדדים.

concer'ning *prep.* (קאנ-סויר'-נינג) אין בעצוג צו; וואס איז שייך צו; וואס בעטרעפט; וועגען.

Concerning your inquiry, I beg to state as follows.

concern'ment *n.* (קאנ-סוירנ'-מענט) אינטערעס, עסק, אנגעלעגענהייט; בעציהונג; זארג, בעקימערונג; טיילנאהמע; וויכטיגקייט.

con'cert *n.* (קאנ'-סערט) א קאנצערט, א מוזיקאלישע אונטערהאלטונג; א הארמאניע; אן איבעראיינשטימונג; אן אברייד.

concert' *v.* (קאנ-סוירט') אברעדען, בעשפּרעכען; מאכען א פּלאן; געבען אן עצה; איינריכטען.

concertan'te *a. and n.* (קאנ-טשייר-טאנ'-טע) הארמאניש; א מוזיק=שטיק וואס איז פּאסענד פאר א קאנצערט; א מוזיקשטיק פאר צוויי אדער מעהר סאלא שטימען אדער אינסטרומענטען מיט דער בעגלייטונג פון ארקעסטער אדער אהן זיין בעגלייטונג.

concertan'te parts (קאנ-טשייר-טאנ'-טע פּארטס) די סאלא טיילען אין א קאנצערט.

concer'tative *a.* (קאנ-סויר'-טיי-טיוו) וואס זוכט זיך רק צו קריעגען.

concer'ted *a.* (קאנ-סויר'-טעד) געגענזייטיג איבעראיינגעשטימט; געמאכט א פּלאן; געבראכט אין בעציהונג; פערבונדען דורך א פּלאן, וואו יעדער איינציגער האט א געוויסען טייל ארבייט וואס פיהרט צום צוועק; איינגעארדנעט אין טיילען פאר אייניגע שטימען אדער אינסטרומענטען [ביי א קאנצערט].

con'cert-grand *n.* (קאנ'-סערט-גרענד) א גרויסע פארטעפּיאנא פאר דער בענוצונג אין א גרויסען קאנצערט=זאאל.

concerti'na *n.* (קאנ-סער-טי'-נע) א קאנצערטינא [אזא מוזיקאלישער זעקס=קאנטיגער אינסטרומענט עהנליך צו א הארמאניקא].

concerti'no *n.* (קאנ-טשייר-טי'-נאו) א קליינער קאנצערט.

concer'tion *n.* (קאנ-סויר'-שאן) אן איינארדנונג, א צופּאסונג.

con'cert-mas'ter *n.* (קאנ'-סערט-מעס'-טער) א קאנצערט=מייסטער, א קאפּעל=מייסטער; דער ערשטער פידעל=שפּיעלער אין א קאנצערט.

concert'ment *n.* (קאנ-סוירט'-מענט) ז. *concertion*.

con'cert-mu'sic *n.* (קאנ'-סערט-מיו'-זיק) קאנצערט=מוזיק.

concer'to *n.* (קאנ-טשייר'-טאו) ז. *concertante*.

con'cert-piece *n.* (קאנ'-סערט-פּיעס) א מוזיק=שטיק פאר א קאנצערט.

con'cert-pitch *n.* (קאנ'-סערט-פּיטש) קאמערטאן, שטימגאפּעל.

conces'sion *n.* (קאנ-סעש'-אן) א קאנצעסיאן, א בעוויליגונג פון א פּריווילעגיע; אן ערלויבניס; נאכגעבונג.

The Americans have secured some valuable concessions in China.

conces'sionary *a. and n.* (קאנ-סעש'-אנ-איי-רי) 1. געבענדיג אן ערלויבניס; געבענדיג א קאנצעסיאן; נאכגעבענדיג; בעוויליגענדיג; 2. איינער וואס האט בעקומען א קאנצעסיאן אדער אן ערלויבניס.

2. He is concessionary of the privilege to keep a hotel in the park.

conces'sioner *n.* (קאנ-סעש'-אנ-ער) איינער וואס האט בעקומען אדער פערלאנגט א קאנצעסיאן.

conces'sionist *n.* (קאנ-סעש'-אנ-איסט) איינער וואס מאכט אדער איז גונסטען פון מאכען קאנצעסיאנען.

conces'sive *a.* (קאנ-סעס'-איוו) נאכגעבענד, ערלויבענד, בעוויליגענד; קאנצעסיוו [אין בעצוג צו א גראמאטיקאלישען זאץ וואס ענטהאלט א בעדינגונג, וועלכע ענדערט ניט דעם רעזולטאט], צ. ב.

He may slay me, yet will I trust him.

conces'sively *adv.* (קאנ-סעס'-איוו-לי) מיט בעוויליגונג; דורך ערלויבניס.

concet'to *n.* (קאנ-טשעט'-א) א וויץ; א וויציגער איינפאל אדער אויסדרוק.

conch *n.* (קאנק) א מושעל; א גרויסער ים=מושעל; אזא טרומייט וואס האט די פארם פון א ים=מושעל; דער אויער=מושעל [דער אויסערער טייל פון אויער].

con'cha *n.* (קאנ'-קע) דער אויער=מושעל [דער אויסערער טייל פון אויער]; דאס ביינדעל אין נאז, וואס איז עהנליך צו א מושעל.

con'chifer *n.* (קאנ'-קי-פער) אזא מושעל=טהיער [א חיה'לע וואס איז בעדעקט מיט א שאלעכץ].

conchif'erous *a.* (קאנ-קיפ'-ע-ראס) וואס האט א מושעל [וועגען מאלוסקען].

con'chiform *a.* (קאנ'-קי-פארם) וואס האט די פארם פון א מושעל.

con'chite *n.* (קאנ'-קאיט) א פערשטיינערטער מושעל.

conchit'ic *a.* (קאנ-קיט'-איק) וואס בעשטעהט פון מושלען, וואס ענטהאלט מושלען [וועגען מארמאר=שטיין אדער אנדערע שטיינער וואס ענטהאלטען אין זיך מושלען].

con'choid *a. and n.* (קאנ'-קאיד) וואס איז אויסגעבויגען אזוי ווי א מושעל; א געוויסע געבויגענע מאטעמאטישע ליניע.

conchoi'dal *a.* (קאנ-קאי'-דעל) וואס איז אויסגעבויגען ווי א מושעל.

concholog'ical *a.* (קאנ-קא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען מושלען און מושעל=טהיערע.

conchol'ogist *n.* (קאנ-קאל'-א-דזשיסט) א קענער אין דער לעהרע וועגען מושלען און מושעל=טהיערע.

conchol'ogy *n.* (קאנ-קאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען מושלען און מושעל=טהיערע.

con'chus *n.* (קאנ'-קאס) דער קאפּ=שארבען; דאס לאך וואו דאס אויג זיצט [ארביט].

conchyla'ceous *a.* (קאנ-קי-ליי'-שיאס) וואס איז עהנליך צו א מושעל; וואס איז שייך צו א מושעל.

conchylia'ceous *a.* (קאנ-קיל-אי-איי'-שיאס) ז. *conchylaceous*.

conchyl'iated *a.* (קאנ-קיל'-אי-איי-טעד) וואס ווערט געמאכט פון מושלען אדער מושעל=טהיערע [וועגען געוויסע פארבען].

conchyliol'ogist *n.* (קאנ-קיל-אי-אל'-א-דזשיסט) ז. *conchologist*.

conchyliol'ogy *n.* (קאנ-קיל-אי-אל'-א-דזשי) ז. *conchology*.

conchyl'ious *a.* (קאנ-קיל'-אי-אס) וואס איז שייך צו מושלען.

conchyl'ium *n.* (קאנ-קיל'-אי-אם) דער מושעל פון א מאלוסקעל.

con'ciator *n.* (קאנ'-סי-איי-טאר) איינער אויף א גלאז=פאבריק וואס וועגט און טיילט איין די מאטעריאלען, פון וועלכע עס ווערט געמאכט גלאז.

concierge' *n.* (קאנ-סיערזש') א שווייצאר [אין א האטעל אדער פּריוואט=הויז]; א טהיר=וועכטער [פון א געפענגניס]; א הויז=אויפזעהער.

concierge'rie *n.* (קאנ-סיערזש'-רי) דאס קאנטאר=צימער פון א הויז=אויפזעהער אדער פון א שווייצאר אין א האטעל.

Concierge'rie *n.* (קאנ-סיערזש'-רי) א געוויסע געפענגניס אין פּאריז.

concil'iar *a.* (קאנ-סיל'-אי-אר) וואס איז שייך צו א בעראטונג אדער א בעראטונגס=פערזאמלונג.

concil'iary *a.* (קאנ-סיל'-אי-ע-רי) ז. *conciliar*.

concil'iate *v.* (קאנ-סיל'-אי-אייט) געווינען, ערווערבען; אויסגלייכען, שלום מאכען.

concil'iating *a.* (קאנ-סיל'-אי-איי-טינג) איבערבעטענדיג; שלום מאכענדיג; ערווערבענדיג, געווינענדיג.
His words were **conciliating**.

concilia'tion *n.* (קאנ-סיל-אי-איי'-שאן) איבערבעטונג; אויסגלייכונג; דאס מאכען שלום.

concil'iative *a.* (קאנ-סיל'-אי-איי-טיוו) וואס גלייכט אויס; וואס בעט איבער; וואס מאכט שלום; וואס איז שייך צו אן אויסגלייך-געריכט.

concil'iator *n.* (קאנ-סיל'-אי-איי-טאר) אן איבערבעטער; א שלום-מאכער.

concil'iatory *a.* (קאנ-סיל'-אי-איי-טא-רי) אויסגלייכענדיג, איבערבעטענדיג, שלום-מאכענדיג.

concil'ium *n.* (קאנ-סיל'-אי-אם) א בעראטונג, א בעראטונגס-פערזאמלונג.

concin'nity *n.* (קאנ-סינ'-אי-טי) פאסיגקייט; צוזאמענהאנג; הארמאניע.

concin'nous *a.* (קאנ-סינ'-אם) פאסיג, געשמאקפאל, אנגענעהם, הארמאניש.

concise' *a.* (קאנ-סאים') קורץ, קורץ געפאסט, אויסגעדריקט אין קורצע ווערטער.
His arguments were **concise**.

concise'ly *adv.* (קאנ-סאים'-לי) אויף א קורץ געפאסטען אופן; אין קורצע ווערטער.

concise'ness *n.* (קאנ-סאים'-נעס) דאס זיין קורץ געפאסט, דאס אויסדריקען אין קורצע ווערטער.
The **conciseness** of his arguments won the debate.

conci'sion *n.* (קאנ-סיזש'-אן) ז. *conciseness*.

conclama'tion *n.* (קאנ-קליי-מיי'-שאן) אן אויסרוף; אן אויסגעשריי.

con'clave *n.* (קאנ'-קלייוו) א געשלאסענע פערזאמלונג [א פערזאמלונג וואו זייטיגע ווערען ניט צוגעלאזען]; א פערזאמלונג פון קארדינאלען אויסצואוועהלען א פאפסט; דאס צימער וואו דיא קארדינאלען פערזאמלען זיך צו וועהלען א פאפסט; דאס קארדינאלען-קאלעגיום.

con'clavist *n.* (קאנ'-קלע-וויסט) א גייסטליכער וואס בעדיענט א קארדינאל, וועהרענד ער איז פערנומען ביי דער קארדינאלען-פערזאמלונג וועלכע וועהלט א פאפסט.

conclude' *v.* (קאנ-קלוד') ענדיגען, מסיים זיין; בעשטימען, שליסען, דרינגען; בעשליסען; ענטשיידען; אויפהערען, אבשטעלען; אבשליסען; איינשליסען.

conclu'der *n.* (קאנ-קלו'-דער) איינער וואס בעשליסט אדער ענטשיידעט.

conclu'dible *a.* (קאנ-קלו'-דיבל) וואס קען ענטשיעדען אדער בעשלאסען ווערען.

conclu'ding *a.* (קאנ-קלו'-דינג) ענדיגענדיג, שליסענדיג, ציהענדיג א שלום.

conclu'ding line (קאנ-קלו'-דינג לאין) א קליינע שטריק וועלכע איז בעפעסטיגט צום מיטען פון די שטופען פון א שטריקלייטער אויף א שיף.

conclu'sion *n.* (קאנ-קלו'-זשאן) ענדע, שלום; בעשלום; ענטשיידונג; ענד-רעזולטאט.

conclu'sive *a.* (קאנ-קלו'-סיוו) ענטשיידענד; שליסענד, ענדיגענד; וואס פיהרט צו א לאגישען שלום.

conclu'sive ev'idence (קאנ-קלו'-סיוו עוו'-אי-דענס) אן איבערצייגענדער בעווייז וואס קען ניט אבגעלייקענט ווערען.

conclu'sively *adv.* (קאנ-קלו'-סיוו-לי) אויף אן ענטשיידענדען אופן; דורך אן ענדליכען בעשלום.

conclu'siveness *n.* (קאנ-קלו'-סיוו-נעס) ענטשיידונגס-קראפט; בעשליסונגס-קראפט; ענטשיידענהייט.
The **conclusiveness** of the proof against the prisoner was undoubted.

conclu'sory *a.* (קאנ-קלו'-סא-רי) ז. *conclusive*.

concoct' *v.* (קאנ-קאקט') צוזאמישען און פארבערייטען א געריכט אדער געטראנק; מאכען א פלאן.

concoc'ter *n.* (קאנ-קאק'-טער) א פערדייאונגס-מיטעל; איינער וואס מאכט פלענער.

concoc'tion *n.* (קאנ-קאק'-שאן) דאס צוזאמישען אדער פארבערייטען א געריכט אדער געטראנק; א צוזאמענגעמישטער געריכט אדער געטראנק; די פערדייאונג.

concoc'tor *n.* (קאנ-קאק'-טאר) ז. *concocter*.

concol'or *a.* (קאנ-קאל'-אר) פון איין קאליר; גלייכפערמיג אין קאליר.

concol'orate *a.* (קאנ-קאל'-אר-אייט) וואס האט דעם זעלביגען קאליר.

concol'orous *a.* (קאנ-קאל'-אר-אס) ז. *concolor*.

concom'itance *n.* (קאנ-קאמ'-אי-טענס) דאס זיין צוזאמען אדער אין פערבינדונג מיט אן אנדערען; דאס צוזאמענבעשטעהן; די בעגלייטונג.

concom'itancy *n.* (קאנ-קאמ'-אי-טענ-סי) ז. *concomitance*.

concom'itant *a. and n.* (קאנ-קאמ'-אי-טענט) בעגלייטענד; זייענדיג צוזאמען אדער פערבונדען [מיט אימעצען]; א זאך וואס איז צוזאמען אדער פערבונדען מיט אן אנדערער.

concom'itantly *adv.* (קאנ-קאמ'-אי-טענט-לי) אין בעגלייטונג; אין פערבינדונג.

con'cord *n.* (קאנ'-קארד) הארמאניע, איבעראיינשטימונג [אין מיינונגען, אנזיכטען א. ד. ג.]; די הארמאניע אדער געגענזייטיגע צופאסונג פון זאכען; די הארמאניע פון טענער.

concord' *v.* (קאנ-קארד') הארמאנירען, איבעראיינשטימען; מאכען הארמאניש.

concor'dance *n.* (קאנ-קאר'-דענס) איבעראיינשטימונג; הארמאניע; א קאנקארדאנציע [א בוך, אין וועלכען די ווערטער אדער פסוקים פון געוויסע ווערק זיינען אויסגעשטעלט נאך'ן אלף-בית מיט דער פערצייכנונג פון די ערטער, וואו זיי געפינען זיך, ווי די קאנקארדאנציע פון דער ביבעל].

concor'dant *a.* (קאנ-קאר'-דענט) איבעראיינשטימענד; הארמאנירענד.

concor'dantly *adv.* (קאנ-קאר'-דענט-לי) אויף א הארמאנישען אופן.

concor'dat *n.* (קאנ-קאר'-דעט) א קאנקארדאט, אן אבמאך צווישען א רעגיערונג און דעם פאפסט, אדער צווישען דעם שטאאט און דער קירך.

concor'dial *a.* (קאנ-קאר'-דזשיעל) הארמאניש.

concor'porate *v.* (קאנ-קאר'-פא-רייט) פערדייען; פעראייניגט אין איין קערפערשאפט.

con'course *n.* (קאנ'-קאורס) א צוזאמענלויף, א געדרענג; א מענגע [זאכען אדער מענשען]; אן אפענער פלאץ וואו מענשען פערזאמלען זיך.

con'crement *n.* (קאנ'-קרי-מענט) א פעסטע מאסע; א צונויפוואקסונג.

concresce' *v.* (קאנ-קרעס') צונויפוואקסען.

concres'cence *n.* (קאנ-קרעס'-ענס) א צוזאמענוואקסונג; דאס וואקסען.

concres'cible *a.* (קאנ-קרעס'-איבל) וואס קען צוזאמענוואקסען.

con'crete *a. and n.* (קאנ'-קריט) פערבונדען אין א פעסטע מאסע; וואס בעשטעהט פון א פעסטער מאסע; א פעסטע מאסע, א קערפערליכע זאך; א געמיש פון זאמד, צעמענט, קליינע שטיינדלעך און אספאלט וועלכע ווערט צונויפגעדריקט אין א פעסטע מאסע; קאנקרעט, ממשות'דיג.

concrete' *v.* (קאנ-קריט') ווערען איין מאסע אדער איין שטיק; פערבינדען אין א פעסטע איינהייטליכע מאסע.

con'cretely *adv.* (קאנ'-קריט-לי) אויף א קאנקרעטען, ממשות'דיגען אופן.

con'creteness *n.* (קאנ'-קריט-נעס) דאס זיין קאנקרעט, ממשות'דיג; דאס זיין א פעסטע, איינהייטליכע מאסע.

con'crete noun (קאנ'-קריט נאון) א נאמען פון א קאנקרעטען, ממשות'דיגען געגענשטאנד.

con'crete num'ber (קאנ'-קריט נאמ'-בער) א בענאנטע צאהל [א צאהל וועלכע בעצייכענט א קאנקרעטע זאך, צ. ב. 3 יארד, 5 מענשען א. ד. ג.].

con'crete-press *n.* (קאנ'-קריט-פרעס) א מאשין וואס פרעסט צונויף א געמיש פון זאמד, צעמענט, שטיינדלעך און אספאלט אין שטיקער פעסטע מאסע.

concre'tion *n.* (קאנ-קרי'-שאן) דאס ווערען איין מאסע; א פעסטע מאסע; דאס זיין קאנקרעט, ממשות'דיג.

concre'tional *a.* (קאנ-קרי'-שאנ-על) וואס האט זיך געבילדעט פון א פערבינדונג אין א פעסטער מאסע; וואס איז שייך צו א קאנקרעטע, ממשות'דיגע זאך.

concre'tionary *a.* (קאנ-קרי'-שאנ-ע-רי) ז. *concretional*.

con'cretism *n.* (קאנ'-קרי-טיזם) דאס בעטראכטען אן אבסטראקטע זאך אלס קאנקרעט.

concre'tive *a.* (קאנ-קרי'-טיוו) וואס האט די קראפט צו בילדען פון איינצעלנע טיילען א פעסטע מאסע; וואס פעראורזאכט א פערדיכטונג פון דער מאסע.

concre'tively *adv.* (קאנ-קרי'-טיוו-לי) אויף א פערדיכטענדען אופן; דורך פערדיכטונג פון איינצעלנע טיילען אין א פעסטער מאסע.

concre'tize *v.* (קאנ-קרי'-טאיז) קאנקרעטיזירען, געבען ממשות'דיגעס, בעשטימטעס.

concre'tor *n.* (קאנ-קרי'-טאר) א מאשין וואס פערוואנדעלט סיראפ אין א פעסטע מאסע.

concrimina'tion *n.* (קאנ-קרימ-אי-ניי'-שאן) די מיטבעשולדיגונג.

concu'binage *n.* (קאנ-קיו'-בי-נעדזש) דאס צוזאמענלעבען מיט א פרוי אהן געזעצליכער הייראט; די פרייע הייראט [אהן רעליגיעזע און געזעצליכע פארשריפטען]; דאס זיין א קעבס-ווייב; דאס האלטען א קעבס-ווייב.

concu'binal *a.* (קאנ-קיו'-בי-נעל) וואס איז שייך צו פרייע הייראט; וואס אנבעלאנגט צו האלטען א קעבס-ווייב.

concubina'rian *a.* (קאנ-קיו-בי-ניי'-רי-ען) וואס לעבט מיט א פרוי דורך פרייע הייראט; וואס האט א קעבס-ווייב.

concu'binary *a.* (קאנ-קיו'-בי-ניי-רי) ז. *concubinal*.

con'cubine *n.* (קאנ'-קיו-באין) א קעבס-ווייב.

concu'piscence *n.* (קאָנ-קיו'-פּי-סענס) תאווה [פון זנות]; שטאַרקער חשק; גרויסער אַפּעטיט.

concu'piscent *a.* (קאָנ-קיו'-פּי-סענט) תאווה'דיג צו זנות; וואָס האָט אַ גרויסען חשק.

concu'piscible *a.* (קאָנ-קיו'-פּי-סיבל) וואָס האָט אַ תאווה צו זנות; וואָס האָט גרויס חשק.

concur' *v.* (קאָנ-קיור') זיך צוזאַמענטרעפען [אין כאַראַקטער, מיינונגען א. ד. ג.]; איינשטימען; פעראייניגען; מיטווירקען; צוזאַמענפאַלען אין איין טאָג [ווי צוויי ימים-טובים].
I concur in your judgment of the matter.

concur'rence *n.* (קאָנ-קיור'-ענס) צוזאַמענפאַלונג, צוזאַמענטרעפונג [אין צייט, מיינונגען א. ד. ג.]; איבעראיינשטימונג; מיטווירקונג.

concur'rence of jurisdic'tion (קאָנ-קיור'-ענס אָוו דזשו-ריס-דיק'-שאָן) אַ געריכטליכע ענטשיידונג וואָס קען אַרויסגעגעבען ווערען פון צוויי פערשיעדענע געריכטס-אינסטיטוציאָנען.

concur'rency *n.* (קאָנ-קיור'-ען-סי) ז. *concurrence*.

concur'rent *n.* and *a.* (קאָנ-קיור'-ענט) איינשטימענדיג; מיטווירקענדיג; געמיינשאַפטליך; פעראייניגט; איינער וואָס שטימט איין.

concur'rently *adv.* (קאָנ-קיור'-ענט-לי) אויף אַן איינשטימענדען אופן; אין געמיינשאַפט; אין פעראייניגונג.

concur'rentness *n.* (קאָנ-קיור'-ענט-נעס) ז. *concurrence*.

concur'rent resolu'tion (קאָנ-קיור'-ענט רעזאָ-ליו'-שאָן) אַ רעזאָלוציאָן וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס [פון רעפּרעזענטאַנטען-הויז און פון סענאַט], וואָס דאַרף ניט די אונטערשריפט פון פּרעזידענט; אַ רעזאָלוציאָן וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון ביידע הייזער פון אַן אָרטיגען פאַרלאַמענט [לעגיסלאַטור] אין אַמעריקאַ.

concuss' *v.* (קאָנ-קאָס') שוידערען, טרייסלען; צווינגען, נויטען.

concus'sion *n.* (קאָנ-קאָש'-אָן) שוידערונג, ערציטערונג, טרייסלונג; דאָס ערציטערען [ווי פון אַ צוזאַמענשטויס]; אַ מאַרך צוטרייסלונג [וואָס קומט פון אַ פאַל אָדער קלאַפּ]; דאָס אַרויספּרעסען געלד אָדער ווערטה-זאַכען דורך צוואַנג.

concus'sive *a.* (קאָנ-קאָס'-איוו) וואָס ערציטערט, וואָס טרייסעלט אויף; וואָס מאַכט שוידערען.

concu'tient *a.* (קאָנ-קיו'-שי-ענט) וואָס קומט פּלעצליך אין אַ צוזאַמענשטויס; וואָס שטויסט זיך צוזאַמען מיט געוואַלט.

condemn' *v.* (קאָנ-דעם') פערדאַמען, פעראורטיילען; ערקלערען אַלס ווערטהלאָז אָדער שעדליך.
We must condemn his action as unworthy of him.

condem'nable *a.* (קאָנ-דעמ'-נעבל) וואָס איז צו פערדאַמען אָדער צו פעראורטיילען; וואָס איז שענדליך; וואָס איז צו פעראַכטען.

condemn' a ship (קאָנ-דעם' ע שיפּ) ערקלערען אַן אַלטע שיף פאַר אונטויגליך; קאָנפיסקירען אַ שיף.

condemna'tion *n.* (קאָנ-דעמ-ניי'-שאָן) 1. פערדאַמונג; פעראורטיילונג; בעשטראַפונג; 2. קאָנפיסקירונג, די צונעהמונג פון פּריוואַט-אייגענטום פאַר קהל'שע צוועקען.
1. Refusal to arbitrate disputes merits condemnation. 2. The city condemned his land for school purposes.

condem'natory *a.* (קאָנ-דעמ'-ניי-טאָ-רי) פערדאַמענד; פעראורטיילענד.

condemned' *a.* (קאָנ-דעמד') 1. פערדאַמט, פעראורטיילט; 2. ערקלערט געוואָרען אַלס ווערטהלאָז אָדער שעדליך.
2. A load of condemned provisions was destroyed by the Health Inspector.

condemned' cell (קאָנ-דעמד' סעל) דער קאַמער אין אַ געפענגניס וואו עס ווערט געהאַלטען אַ פער'משפט'ער צום טויט ביז דער אורטייל ווערט איבער איהם אויסגעפיהרט.

condemned' ward (קאָנ-דעמד' וואָהרד) ז. *condemned cell*.

condem'ner *n.* (קאָנ-דעמ'-נער) אַ פערדאַמער; אַ פעראורטיילער.

condensabil'ity *n.* (קאָנ-דענ-סע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען געדיכט אָדער קאָמפּאַקט ווערען; דאָס קענען צונויפגעפּרעסט ווערען.

conden'sable *a.* (קאָנ-דענ'-סעבל) וואָס קען געדיכט געמאַכט ווערען; וואָס קען ווערען קאָמפּאַקט; וואָס קען צונויפגעפּרעסט ווערען.
Vapor is condensable.

conden'sate *n.* (קאָנ-דענ'-סייט) דער שטאָף וואָס ווערט פערדיכטעט אָדער צונויפגעפּרעסט.

condensa'tion *n.* (קאָנ-דענ-סיי'-שאָן) דאָס געדיכט מאַכען; דאָס צונויפפּרעסען; דאָס צונויפפּרעסען פּיעל געדאַנקען אין קורצע ווערטער; דאָס מאַכען קאָמפּאַקט; דאָס פערדיכטען גאַז אָדער דאַמפּף צו אַ פליסיגקייט.

conden'sative *a.* (קאָנ-דענ'-סע-טיוו) וואָס האָט די נייגונג געדיכט אָדער קאָמפּאַקט צו ווערען; וואָס האָט די קראַפט צונויפצופּרעסען.

condense' *v.* (קאָנ-דענס') געדיכט מאַכען, קאָמפּאַקט מאַכען; צוזאַמענפּרעסען; צונויפפּרעסען פּיעל געדאַנקען אין קורצע ווערטער; פערדיכטען גאַז אָדער דאַמפּף צו אַ פליסיגקייט.
He was told to condense the essay.

condensed' *a.* (קאָנ-דענסט) געדיכט, קאָמפּאַקט; צונויפגעפּרעסט; קורץ אויסגעדריקט.

condensed' milk (קאָנ-דענסט' מילק) קאָנדענזירטע מילך [מילך וואָס ווערט צוגעגרייט מיט צוקער און ווערט פערדיכטעט דורך קאָכען און לאָזען אויסדאַמפּפען. אָפט ווערט עס אַזוי לאַנג געקאָכט און אויסגעדאַמפּפט ביז עס בלייבט נור אַ פּולווער].

conden'sedness *n.* (קאָנ-דענ'-סעד-נעס) דאָס זיין געדיכט, קאָמפּאַקט אָדער צונויפגעפּרעסט.

condensed' style (קאָנ-דענסט' סטאַיל) אַ געדרענגטער סטיל [אַן אַרט שרייבען וואָס איז קורץ און האָט פּיעל אינהאַלט].

condensed' type (קאָנ-דענסט' טאַיפּ) אַ שמאָלער דרוק-שריפט.

conden'ser *n.* (קאָנ-דענ'-סער) איינער וואָס מאַכט געדיכט אָדער קאָמפּאַקט; אַ צוזאַמענפּרעסער; אַן אַפּאַראַט וואָס פערוואַנדעלט גאַז אָדער דאַמפּף אין אַ פליסיגקייט; אַן אַפּאַראַט ביי אַ דאַמפּף-מאַשין וואָס האָט די אויפגאַבע צו פערוואַנדלען דעם אַבגענוצטען דאַמפּף אין וואַסער; אַן עלעקטרישער אַפּאַראַט וואָס זאַמעלט אויף עלעקטריציטעט.

conden'sery *n.* (קאָנ-דענ'-סער-אי) אַ פאַבריק וואו עס ווערט געמאַכט קאָנדענזירטע מילך. ז. *condensed milk*.

conden'sing-en'gine *n.* (קאָנ-דענ'-סינג-ענ'-דזשין) אַ דאַמפּף-מאַשין וואָס האָט אַן אַפּאַראַט צו פערדיכטען דעם אַבגענוצטען דאַמפּף אין וואַסער.

condescend' *v.* (קאָנ-די-סענד') זיך אַראַבלאָזען [צו אַ קלענערען פון זיך].
The professor condescended to talk to the coachman.

condescen'dence *n.* (קאָנ-די-סענ'-דענס) דאָס אַראַבלאָזען זיך [צו אַ קלענערען פון זיך].

condescen'ding *a.* (קאָנ-די-סענ'-דינג) אַראַבלאָזענדיג זיך [צו אַ קלענערען פון זיך].
His condescending air makes me tired. He acts as if he were better than the rest of us.

condescen'dingly *adv.* (קאָנ-די-סענ'-דינג-לי) דורך אַראַבלאָזען זיך [צו אַ קלענערען פון זיך].

condescen'sion *n.* (קאָנ-די-סענ'-שאָן) דאָס אַראַבלאָזען זיך [צו אַ קלענערען פון זיך].

condign' *a.* (קאָנ-דאַין') ווי פערדיענט, ווי ווערטה [אין בעצוג צו אַ שטראָף].
The robbers received condign punishment for their crime.

condig'nity *n.* (קאָנ-דיג'-ני-טי) פערדיענסט אָדער ווערטה פון מענשליכע האַנדלונג; דער שכר, וואָס אַ מענש קען פאָדערען פון גאָט פאַר זיינע אויפפיהרונגען און האַנדלונגען.

condign'ly *adv.* (קאָנ-דאַינ'-לי) נאָך פערדיענסט, לויט ווערטה [אין בעצוג צו אַ שטראָף].
He was condignly punished.

con'diment *n.* (קאָנ'-די-מענט) אַ פּריפּראַווע אָדער געווירץ וואָס גיט צו געשמאַק צום עסען.
An Italian dinner is always rich with condiments.

condimen'tal *a.* (קאָנ-די-מענ'-טעל) וואָס איז שייך צו אַ פּריפּראַווע אָדער געווירץ.

condisci'ple *n.* (קאָנ-די-סאַי'-פּל) אַ שוהל-קאַמעראַד.

condite'ment *n.* (קאָנ-דאַיט'-מענט) אַ פּריפּראַווע; געווירץ, איינגעמאַכטס.

condi'tion *n.* and *v.* (קאָנ-דיש'-אָן) 1. דער צושטאַנד, די לאַגע, די איינענשאַפט; דער מצב, דער מעמד; 2. די פאַרבעדינגונג, אַ פאַקט, וועלכער איז נויטיג אַז דער צווייטער פאַקט זאָל פּאַסירען; אַן אַבמאַך; איינעהמען אַ תנאי, מאַכען בעדינגונגען.
1. The condition of the patient has improved. 2. The plan will succeed only if the conditions laid down are carried out.

condi'tional *a.* (קאָנ-דיש'-אָ-נעל) וואָס העגנט אַב פון אַ תנאי; בעדינגונגס-מעסיג.
My promise to visit you is conditional. I shall not come if I am too busy.

condi'tional clause (קאָנ-דיש'-אָ-נעל קלאָהז) אַ תנאי-זאַץ [אַ זאַץ וואָס ענטהאַלט אַ בעדינגונג].
I shall come if I am in good health.

condi'tional conjunc'tion (קאָנ-דיש'-אָ-נעל קאָנ-דזשאָנק'-שאָן) אַ פערבינדונגס-וואָרט וואָס דריקט אויס אַ תנאי, ווי למשל: „איך וועל מיט איהם ריידען, אויב איך וועל איהם זעהן".

condi'tional fee (קאָנ-דיש'-אָ-נעל פיע) לאַנד-אייגענטום וואָס ווערט אוועקגעגעבען אויף געוויסע בעדינגונגען;

לאנד=איינענטום וואס ווערט אוועקגעגעבען מיט דער בעדינגונג, אז עס זאל אי-בערגעהן בירושה נור צו געוויסע מינים יורשים.

conditional'ity *n.* (קאנ-דיש-אנ-על'-אי-טי) די אייגענשאפט צו דיענען אלס בעדינגונג.

condi'tionally *adv.* (קאנ-דיש'-אנ-על-אי) לויט די בעדינגונגען.

condi'tional par'don (קאנ-דיש'-אנ-על פאר'דן) דאס מוחל זיין מיט א געוויסען תנאי.

condi'tional phrase (קאנ-דיש'-אנ-על פרייז) א בעדינגונגס=זאץ [ווי למשל: "איך וועל צו דיר קומען, אויב איך וועל האבען צייט"].

condi'tional sale (קאנ-דיש'-אנ-על סייל) א פערקויף פון סחורה מיט דער בעדינגונג, אז דער פערקויפער קען עס צוריק אבקויפען אויף געוויסע תנאים; א פערקויף פון סחורה, וואו דער קויפער, כאטש ער האט שוין בעקומען די סחורה, רעכענט זיך דאך ניט אלס איהר אייגענטהימער, ביז ער וועט ניט אויספיהרען געוויסע בעדינגונגען.

condi'tional sen'tence (קאנ-דיש'-אנ-על סענ'-טענס) א תנאי=זאץ [אין גראמאטיק].

condi'tionate *a. and v.* (קאנ-דיש'-אנ-אייט) אונטער בעדינגונגען; מאכען בעדינגונגען; שטעלען אין א בעשטימטען צושטאנד; רעגולירען.

condi'tioned *a. and n.* (קאנ-דיש'-אנד) בעשרענקט אדער אונטערגעווארפען אונטער געוויסע בעדינגונגען; אבהענגיג; וואס געפינט זיך אין א [גוטען אדער שלעכטען] צושטאנד אדער לאגע; וואס האט א [גוטען אדער שלעכטען] כאראקטער אדער טעמפעראמענט; וואס געפינט זיך אונטער בעשטימטע אומשטענדען אדער פערהעלטניסע; אין פיזיאלאגיע — די וועלט אויף וויפיעל זי איז בעדינגט און רעלאטיוו [אין געגענזאץ צו דאס, וואס איז אבסאלוט אדער אונבעדינגט]

condi'tio si'ne qua non (קאנ-דיש'-אי-או סאי'-ני קהווא נאן) א בעדינגונג, אהן וועלכער די זאך קען ניט עקזיסטירען.

condo'latory *a.* (קאנ-דאו'-לע-טא-רי) וואס דריקט אוים מיטגעפיהל מיט אייגעמס אונגליק.

condo'latory epis'tle (קאנ-דאו'-לע-טא-רי אי-פיס'ל) א בריעף וואו מען דריקט אוים מיטגעפיהל מיט אימעצענס אונגליק.

condole' *v.* (קאנ-דאול') אויסדריקען מיטגעפיהל מיט איינעמס אונגליק.

condo'lence *n.* (קאנ-דאו'-לענס) דאס אויסדריקען מיטגעפיהל אין יענעמס טרויער.

Many people sent expressions of **condolence** to him in his bereavement.

condo'ler *n.* (קאנ-דאו'-לער) דער וואס צייגט ארוים מיטגעפיהל צו איינעמס טרויער.

condomin'ium *n.* (קאנ-דא-מינ'-אי-אם) א שותפות'דיגער בעזיץ פון אייגענטום; דאס קעניגען אדער הערשען בשותפות.

condona'tion *n.* (קאנ-דא-ניי'-שאן) מחילה, פערגעבונג, פערצייהונג.

condone' *v.* (קאנ-דאון') מוחל זיין, פערגעבען, פערצייהען.

condone'ment *n.* (קאנ-דאונ'-מענט) ז. *condonation*

con'dor *n.* (קאנ'-דאר) דער קאנדאר, א מין אמעריקאנישער גייער אדער קארשון [א גרויסער רויב=פויגעל].

Condor

condottie're *n.* (קאנ-דאט-טיעי'-רע) דער הויפטלינג פון א באנדע געדונגענע סאלדאטען [אין 14טען און 15טען יאהרהונדערטע].

conduce' *v.* (קאנ-דיוס') ניצליך זיין, בעהילפליך זיין; העלפען צוצופיהרען צו א ציעל.

Health certainly **conduces** to happiness.

condu'cible *n. and a.* (קאנ-דיו'-סיבל) בעהילפיג; וואס דיענט מיט צו פיהרען צו א ציעל; דאס, וואס העלפט צוצופיהרען צו א ציעל.

condu'cibleness *n.* (קאנ-דיו'-סיבל-נעס) דיענליכקייט, ניצליכקייט, בעהילפליכקייט.

condu'cibly *adv.* (קאנ-דיו'-סי-בלי) בעהילפליך; מיט ניצליכקייט; ניצליך.

condu'cive *a.* (קאנ-דיו'-סיוו) דיענליך, ניצליך, בעהילפליך.

condu'civeness *n.* (קאנ-דיו'-סיוו-נעס) דאס זיין א מיטהעלפער אין אויספיהרען א ציעל.

conduct' *v.* (קאנ-דאקט') 1. פיהרען; לייטען, פערוואלטען; 2. זיך אויפפיהרען; 3. בעגלייטען; 4. איבערגעבען [היץ, ענערגיע א. ז. וו.].

1. He **conducts** his business well. 2. He **conducts** himself as a gentleman should. 3. He **conducted** us home.

con'duct *n.* (קאנ'-דאקט) פיהרונג; אויפפיהרונג; לייטונג; בעגלייטונג; פערוואלטונג.

His **conduct** is that of a gentleman.

con'duct-book *n.* (קאנ'-דאקט-בוק) א בוך וואו עס ווערט פערשריבען די אויפפיהרונג און די פעהיגקייטען פון יעדען סאלדאט אין דער אמעריקאנער ארמעע; דאס שוהל=בוך וואו עס ווערט פערשריבען די אויפפיהרונג פון די שילער.

conductibil'ity *n.* (קאנ-דאק-טי-ביל'-אי-טי) די לייטונגס=פעהיגקייט [די. פעהיגקייט פון מעטאלען אדער אנדערע שטאפען דורכצולאזען עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט].

conduc'tible *a.* (קאנ-דאק'-טיבל) וואס קען איבערגעגעבען ווערען אדער איבערגעבען [היץ, עלעקטריציטעט א. ז. וו.].

conduc'tion *n.* (קאנ-דאק'-שאן) איבערפיהרונג, לייטונג; די פיהרונג אדער לייטונג פון עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט.

conduc'tive *a.* (קאנ-דאק'-טיוו) לייטענד, לייטונגס=פעהיג [וועגען שטאפען וואס לאזען דורך עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט].

conductiv'ity *n.* (קאנ-דאק-טיוו'-אי-טי) לייטונגס=פעהיגקייט [די אייגענשאפט פון שטאפען דורכצולאזען. עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט].

con'duct-mon'ey *n.* (קאנ'-דאקט-מאנ'-אי) די אבצאהלונג וואס קארל דער ערשטער אין ענגלאנד האט ארויפגעלעגט אויף'ן פאלק צו בעצאהלען די רייזעקאסטען פון זיינע סאלדאטען.

conductom'eter *n.* (קאנ-דאק-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די פעהיגקייט פון פערשיעדענע מאטעריאלען דורכצולאזען ווארימקייט.

conduc'tor *n.* (קאנ-דאק'-טאר) 1. א פיהרער, אן אנפיהרער; א פערוואלטער; 2. א קאנדוקטאר [פון א באהן]; 3. א כאר=פיהרער [דיריזשאר]; 4. א לייטענדער געגענשטאנד [א זאך וואס לאזט דורך עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט, אדער וואס קען אריבערפיהרען ענערגיע פון איין ארט צו א צווייטען].

1. He is the **conductor** of an orchestra. 2. His brother got a job as a railroad **conductor**. 4. Copper is a good **conductor** of electricity.

conduc'tor's part (קאנ-דאק'-טארז פארט) די נאטען וואס זיינען געשריבען פאר'ן כאר=פיהרער [דיריזשאר]

conduc'tory *a.* (קאנ-דאק'-טא-רי) לייטונגס=פעהיג [וועגען מאטעריאלען וואס האבען די אייגענשאפט דורכצולאזען עלעקטריציטעט אדער ווארימקייט].

conduc'tress *n.* (קאנ-דאק'-טרעס) א פיהרערין; א פערוואלטערין; א בעגלייטערין.

con'duit *n. and v.* (קאנ'-דיט) א ראהר; א קאנאל; א וואסערלייטונג; אן אונטעראירדישער וועג; פיהרען; לייטען.

Electric wires are carried in **conduits** under ground.

con'duit-pipe *n.* (קאנ'-דיט-פאיפ) א וואסער=ראהר; א לייטונגס=ראהר.

condu'plicant *a.* (קאנ-דיו'-פלי-קענט) צונויפגעלעגט אין צווייען, פערדאפעלט.

condu'plicate *v. and a.* (קאנ-דיו'-פלי-קייט) פערדאפלען; צונויפלעגען אין צווייען; פערדאפעלט; צונויפגעלעגט אין צווייען.

condu'plicated *a.* (קאנ-דיו'-פלי-קיי-טעד) פערדאפעלט; צונויפגעלעגט אין צווייען.

conduplica'tion *n.* (קאנ-דיו-פלי-קיי'-שאן) א פערדאפלונג.

con'dyle *n.* (קאנ'-דיל) געלענק=קאפ [דער רונדער ענד פון א ביין אין דעם ארט פון א געלענק].

con'dyloid *a.* (קאנ'-די-לאיד) וואס איז עהנליך צו א געלענק=קאפ פון א ביין.

con'dylus *n.* (קאנ'-די-לאס) ז. *condyle*

cone *n. and v.* (קאון) 1. א קאנוס [א רונדע פיגור, וואס פערשמעלט זיך גראדענווייז ארויף=צו ווי א היטעל צוקער]; 2. א שישקע פון א סאסנע אדער יעגלעבוים; מאכען קאנוס=פערמיג.

cone'-billed *a.* (קאונ'-בילד) וואס האט א קאנוס=פערמיגען שנאבעל.

cone'-gear *n.* (קאונ'-גיער) דער בעטריב פון א מעכאניזם דורך קאנישע רעדער [רעדער וואס האבען די פארם פון א היטעל צוקער].

cone of rays (קאון אוו רייז) א בינטעל ליכט=שטראהלען וואס האט די פארם פון א קאנוס.

cone of sug'ar (קאון אוו שוג'-אר) א היטעל צוקער.

cone'-shaped *a.* (קאונ'-שייפט) וואס זעהט אויס ווי א קאנוס.

cone'-shell *n.* (קאונ'-שעל) א מושעל פון א מאלוסקעל וואס האט די פארם פון א קאנוס.

cone'-wheel *n.* (קאונ'-הוויעל) א קא-נוס-ראד [א רעדעל אין דער פארם פון א קאנוס וואס ווערט בענוצט אין מאשי-נען פאר רעגולירען די געשווינדקייט].

con'fab *n.* (קאנ'-פעב) א פלוידעריי; א שמועס.

I took part in a **confab** with some friends.

confab' *v.* (קאנ-פעב') פלוידערען, שמועסען.

confab'ulate *v.* (קאנ-פעב'-יו-לייט) פלוידערען, שמועסען.

confabula'tion *n.* (קאנ-פעב-יו-ליי'-שאן) שמועסעריי, פלוידעריי.

confab'ulator *n.* (קאנ-פעב'-יו-ליי-טאר) איינער וואס שמועסט אדער פלוי-דערט.

confarrea'tion *n.* (קאנ-פער-אי-איי'-שאן) א רעליגיעזע צערעמאניע פון חתונה האבען ביי די העכערע קלאסען פון אלטען רוים [די צערעמאניע פלעגט בעשטעהן פון עסען א מין קוכען פון בעזאלצענע מעהל].

con'fect *n.* (קאנ'-פעקט) א צוקערקע, א קאנפעקט.

confec'tion *n.* (קאנ-פעק'-שאן) א צוזא-מענמישונג; א קאנפעקט; א מעדיצינישע געמישעכץ אלס א רפואה.

confec'tionary *n. and a.* (קאנ-פעק'-שאנ-ע-רי) א קאנדיטאר, א צוקער-בע-קער; וואס איז שייך צו א צוקער-בעקעריי.

confec'tioner *n.* (קאנ-פעק'-שאנ-ער) א צוקערניק, צוקער-בעקער, קאנדיטאר.

confec'tionery *n.* (קאנ-פעק'-שאנ-ער-אי) א קאנדיטאריי, א צוקער-בעקעריי; צוקערגעבעק, צוקערקעס; קאנפעקטען.

confed'eracy *n.* (קאנ-פעד'-ער-איי-סי) א קאנפעדעראציאן; א קאנטראקט צווי-שען עטליכע פערזאנען אדער מלוכות אונ-טערצושטיצען איינע די אנדערע אין דער-גרייכען א געמיינשאפטליכען ציעל; א פער-איינינונג, א ליגע; א פערשווערונג; א קאנספיראציע.

confed'eral *a.* (קאנ-פעד'-ער-על) וואס איז שייך צו א קאנפעדעראציאן: צוזא-מענגעשטעלט פון קאנפעדערירטע מלוכות [פון מלוכות וואס האבען זיך פערבונדען מיט א קאנטראקט].

confed'erate *a., n. and v.* (קאנ-פעד'-ער-אייט) פעראייניגט אין א ליגע; קאנפעדערירט, פערבונדען דורך א קאנ-טראקט; איינער וואס איז פערבונדען מיט אנדערע אין א ליגע אדער אין א קאנספי-ראציע [פערשווערונג]; קאנפעדערירען, פעראייניגען מיט א געוויסען קאנטראקט אדער התחיבות'ען.

Confed'erate *a. and n.* (קאנ-פעד'-ער-אייט) וואס איז שייך צו דער יאנפע-דעראציאן פון די דרום-אמעריקאנישע שטאאטען; אן אנהענגער אדער סאלדאט פון דיעזע שטאאטען. ז. ***Confederate States of America***

Confed'erate States of Amer'ica (קאנ-פעד'-ער-אייט סטייטס אוו ע-מער'-אי-קא) די קאנפעדערירטע שטאאטען פון אמעריקא [די עלף דרום-אמעריקאנישע שטאאטען, וועלכע האבען זיך אין יאהר 1861 פעראייניגט מיט דעם ציעל אבצו-טיילען זיך פון די צפון-אמעריקאנישע שטאאטען].

confedera'tion *n.* (קאנ-פעד-ע-ריי'-שאן) א קאנפעדעראציאן, א בונד, א פער-איינינונג.

confed'erative *a.* (קאנ-פעד'-ער-ע-טיוו) וואס איז שייך צו א קאנפעדערא-ציאן.

confer' *v.* (קאנ-פויר') 1. געבען במתנה; טהאן א געפעלינקייט; 2. פערגלייכען; בע-שפרעכען, מישב זיין זיך מיט אימיצען.

1. A man in public life is in a position to **confer** favors upon his friends. 2. I shall **confer** with my advisers before giving my decision.

conferee' *n.* (קאנ-פויר-אי') איינער מיט וועמען מען איז זיך מישב אדער וועמען מען שענקט עפעס.

con'ference *n.* (קאנ'-פע-רענס) א קאנ-פערענץ, אונטערהאנדלונג, בעשפרעכונג; א פערזאמלונג צו דיסקוטירען און בעשטי-מען וועגען געוויסע פראגען; א פעראייני-גונג פון פערדיגער.

A **conference** of Jewish farmers.

confer'rable *a.* (קאנ-פויר'-עבל) וואס קען בעשפראכען ווערען; וואס קען געגע-בען ווערען.

confer'rer *n.* (קאנ-פויר'-ער) דער וועלכער איז זיך מישב אדער גיט עפעס.

Confer'va *n.* (קאנ-פויר'-ווא) קאנ-פערווא [אזא מין גרינע פעדימדיגע ווא-סער-גראזען].

conferva'ceous *a.* (קאנ-פויר-וויי'-שיאס) וואס איז שייך צו א קאנפערווא [אזא גרין פעדימדיג גראז].

confer'val *a.* (קאנ-פויר'-וועל) ז. ***confervaceous***

confer'vite *n.* (קאנ-פויר'-וואיט) אזא פערשטיינערטע פלאנצע [געפינט זיך הויפטזעכליך אין דער קאלך-פארמאציאן].

confer'void *a.* (קאנ-פויר'-וואיד) עהנ-ליך צו א קאנפערווא [א גרינע, פעדימדי-גע וואסער-פלאנצע].

confess' *v.* (קאנ-פעס') מודה זיין זיך; צושטימען; בעקעהרען זיך צו א געוויסער אידעע אדער גלויבען; אנערקענען; ער-קלערען זיך אלס אנהענגער פון א געווי-סער אידעע אדער אמונה; דערוויזען אדער אנווייזען אויף א זאך; מתודה זיין זיך פאר'ן גלח.

confessed' *a.* (קאנ-פעסט') אנערקענט; אויף וואס מען האט מודה געווען; וואס מען האט דערוויזען; צו וואס מען האט זיך בעקעהרט.

confess'edly *adv.* (קאנ-פעס-עד-לי) דורך אנערקענען, דורך מודה זיין זיך.

confes'sion *n.* (קאנ-פעש'-אן) צוגעבונג, אנערקענונג; ודוי.

confes'sional *n. and a.* (קאנ-פעש'-אנ-על) א מין חדר'ל אין א קירכע, וואו דער גלח זיצט בשעת מען איז זיך פאר איהם מתודה די זינד; וואס איז שייך צום מתודה זיין זיך פאר'ן גלח; וואס איז שייך צו דער בעקעהרונג צו א געוויסען גלויבען.

confes'sionalist *n.* (קאנ-פעש'-אנ-על-איסט) דער גלח פאר וועמען מען איז זיך מתודה אויף די זינד.

confes'sionary *a. and n.* (קאנ-פעש'-אנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דאס מתודה זיין זיך פאר א גלח; א מין אלקערעל אין אלטאר פון א קירכע, וואו מען האלט פערשיעדענע פערהייליגטע זאכען.

confes'sionist *n.* (קאנ-פעש'-אנ-איסט) א לוטהעראנער וועלכער האלט זיך אן דעם אונסבורגער אני מאמין [די אני מאמין'ס פון דער לוטהעראנישער קירך, וועלכע זיינען אויסגעארבייט געווארען אין אוגס-בורג אין יאהר 1530]; איינער וועלכער געהט אויף קדוש-השם פאר זיין אמונה.

confes'sion of faith (קאנ-פעש'-אן אוו פייטה) רעליגיעזער אני מאמין.

confes'sor *n.* (קאנ-פעס'-אר) איינער וואס איז זיך מודה אויף זיינע זינד; א גייסטליכער פאר וועלכען איינער איז זיך מתודה אויף זיינע זינד; איינער, וועל-כער געהט אויף קדוש-השם פאר זיין אמונה.

confidant' *n.* (קאנ-פי-דענט') א פער-טרויטער פריינד; איינעמס א בעל-סוד.

He has but one **confidant**—his brother.

confidante' *n.* (קאנ-פי-דענט') א פער-טרויטע פריינדין.

She is my **confidante**.

confide' *v.* (קאנ-פאיד') פערטרויען, זיך פערלאזען.

It is an error to **confide** in all or in none.

con'fidence *n.* (קאנ'-פי-דענס) 1. אמונה, בטחון, צוטרויאונג; דאס, וואס מען פער-טרויט דעם אנדערען; 2. וואס מען גיט איבער בסוד.

1. **Confidence** is the foundation of all business success. 2. This information was given me in **confidence**. I can not divulge it.

con'fident *a.* (קאנ'-פי-דענט) איבער-צייגט, זיכער, אהן ספק; זיכער אין זיך; וואס פערלאזט זיך אויף זיך אליין.

To be **confident** of success is half the achievement.

confiden'tial *a.* (קאנ-פי-דענ'-שעל) פערטרויליך; געהיים, בסוד.

He is my **confidential** adviser.

confiden'tially *adv.* (קאנ-פי-דענ'-שעל-אי) אין געהיים, בסוד; מיט פער-טרויען.

con'fidently *adv.* (קאנ'-פי-דענט-לי) מיט צוטרויען; אהן צווייפעל.

con'fidentness *n.* (קאנ'-פי-דענט-נעס) זעלבסטפערטרויען; זיכערקייט; אי-בערצייגונג; בטחון.

confi'der *n.* (קאנ-פאי'-דער) איינער וואס האט צוטרויען אדער וואס גלויבט אין דעם אנדערען.

confi'ding *a.* (קאנ-פאי'-דינג) פול מיט צוטרויען, פול מיט בטחון.

confi'dingly *adv.* (קאנ-פאי'-דינג-לי) מיט פולען צוטרויען.

confi'dingness *n.* (קאנ-פאי'-דינג-נעס) דאס צוטרויען; דאס פערלאזען זיך אויף איינעם.

configura'tion *n.* (קאנ-פיג-יו-ריי'-שאן) די אויסערע געשטאלט, דאס אויסער-ליכע אויסזעהען פון א זאך; אין אסטרא-נאמיע — דער אספעקט, דער אויסזעהען ווי אזוי די שטערען און פלאנעטען זיי-נען גרופירט.

confin'able *a.* (קאנ-פאינ'-עבל) וואס מען קען בעגרענצען; וואס קען בעגרענצט ווערען.

con'fine *n.* (קאנ'-פאין) א גרענעץ; לאנד ביים גרענעץ.

confine' *v.* (קאנ-פאין') 1. בעגרענצען; 2. איינשפארען.

1. I had to **confine** my wants. 2. I was **confined** in prison.

confined' *a.* (קאנ-פאינד') בעשרענקט; בעגרענעצט; איינגעשפארט [ווי אין גע-פענגניס]; פערשטאפט [די געדערעם].

confined' for room (קאנ-פאינד' פאר רוהם) בעשרענקט אין פלאץ.

confined' of a child (קאנ-פאינד' אוו ע טשאילד) אין קינפעט ליעגען.

confine'less *a.* (קאנ-פאינ'-לעס) גרענעצ-לאז, אהן א גרעג, אהן אן ענד.

confine'ment *n.* (קאנ-פאינ'-מענט) בעגרענצונג; בעשרענקונג; פערהאפטונג; קינדבעט.

confi'ner *n.* (קאנ-פאי'-נער) איינער וואס לעבט ביים גרענעץ; א שכן; איינער אדער עטוואס וואס בעגרענעצט אדער בעשרענקט.

confin'ity *n.* (קאנ-פינ'-אי-טי) נאכבארשאפט.

confirm' *v.* (קאנ-פוירם') בעשטימען, בעפעסטיגען, בעשטעטיגען [אשר וקים]; קאנפירמירען [אריינגעהמען אין דעם בונד פון א רעליגיאן ווי בר-מצוה].

confir'mable *a.* (קאנ-פויר'-מעבל) וואס קען בעוויזען אדער בעשטעטיגט ווערען.

confirma'tion *n.* (קאנ-פויר-מיי'-שאן) בעשטעטיגונג; נייע בעווייזע וואס בעשטעטיגען און בעפעסטיגען; קאנפירמאציאן [די אריינברענגונג אין דעם בונד פון א רעליגיאן, ווי בר-מצוה].

confir'mative *a.* (קאנ-פויר'-מע-טיוו) וואס קען בעשטעטיגען, וואס קען בעווייזען.

confir'matively *adv.* (קאנ-פויר'-מע-טיוו-לי) אויף א בעשטעטיגענדען אופן.

con'firmator *n.* (קאנ'-פויר-מיי-טאר) איינער וואס בעשטעטיגט.

confir'matory *a.* (קאנ-פויר'-מע-טא-רי) וואס בעשטעטיגט, וואס בעקרעפטיגט [א בעוויז].

confirmed' *a.* (קאנ-פוירמד') בעשטעטיגט, בעקרעפטיגט, בעפעסטיגט; פעסט איינגעווארצעלט; קאנפירמירט [אריינגעבראכט אין דעם בונד פון א רעליגיאן, ווי בר-מצוה].

confirmed' drun'kard (קאנ-פוירמד' דראנ'-קארד) אן איינגעווארצעלטער שכור.

confir'medly *adv.* (קאנ-פויר'-מעד-לי) אויף א בעשטעטיגטען אופן; דורך פעסטזעצונג, דורך בעקרעפטיגונג.

confir'medness *n.* (קאנ-פויר'-מעד-נעס) דאס בעשטעטיגען, דאס בעקרעפטיגען, דאס זיין פעסט איינגעווארצעלט.

confirmee' *n.* (קאנ-פויר-מיע') איינער צו וועמען עס איז עטוואס צוגעזיכערט אדער בעשטעטיגט.

confir'mer *n.* (קאנ-פויר'-מער) איינער וואס בעשטעטיגט; אן עדות וואס בעשטעטיגט.

confir'mingly *adv.* (קאנ-פויר'-מינג-לי) אויף אן אופן וואס בעשטעטיגט אדער בעקרעפטיגט.

confis'cable *a.* (קאנ-פיס'-קעבל) וואס קען קאנפיסקירט ווערען, וואס קען אוועקגענומען ווערען דורך דער רעגיערונג פאר קהל'שע צוועקען.

confisca'table *a.* (קאנ-פיס-קיי'-טעבל) ז. *confiscable*.

con'fiscate *v.* (קאנ'-פיס-קייט) קאנפיסקירען, אוועקנעהמען; אוועקנעהמען פריוואט-אייגענטום דורך דער רעגיערונג.

They were ordered to **confiscate** his property.

confisca'tion *n.* (קאנ-פיס-קיי'-שאן) קאנפיסקירונג, אוועקנעהמונג [פון אייגענטום].

Confisca'tion Act (קאנ-פיס-קיי'-שאן עקט) דאס געזעץ וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין אנהויב פון בירגערקריעג אין יאהר 1861 וועגען קאנפיסקירען די גיטער, וועלכע זיינען בענוצט געווארען פאר די צוועקען פון אויפשטאנד.

con'fiscator *n.* (קאנ'-פיס-קיי-טאר) איינער וואס קאנפיסקירט; איינער וואס נעהמט אוועק אייגענטום אין נאמען פון דער רעגיערונג.

confis'catory *a.* (קאנ-פיס'-קיי-טא-רי) וואס קאנפיסקירט, וואס נעהמט אוועק.

con'fiture *n.* (קאנ'-פי-טיור) זיס-געקאכטעס פלייש; קאנפעקטען.

confla'grant *a.* (קאנ-פליי'-גרענט) ברענענד.

confla'grate *v.* (קאנ-פליי'-גרייט) ברענען, פערברענען.

conflagra'tion *n.* (קאנ-פליי-גריי'-שאן) א גרויסע שרפה.

Chicago suffered from a **conflagration**.

con'flagrative *a.* (קאנ'-פליי-גריי-טיוו) וואס מאכט ברענען.

confla'tion *n.* (קאנ-פליי'-שאן) א געוויסע קאמבינאציאן וואס ווערט געמאכט ביים אויסבעסערען א פעהלערהאפטען זאץ, אין א וויכטיגען דאקומענט, דורך פערגלייכען די לענג פון די שורות פון דעם פעהלערהאפטען זאץ און פון דעם אויסגעבעסערטען, און פון זיי ביידען נאכדעם צונויפשטעלען א נייעם זאץ, וואס אונטערשיידעט זיך אי פון דעם פעהלערהאפטען אי פון דעם אויסגעבעסערטען, וואס איז געמאכט געווארען פון איהם.

con'flect *a.* (קאנ'-פלעקט) געדיכט; אין בינטלעך.

con'flict *n.* (קאנ'-פליקט) א קאנפליקט; א שטרייט; א צוזאמענשטויס; א קאמפף.

At every election the opposing parties are in **conflict**.

conflict' *v.* (קאנ-פליקט') קומען אין א קאנפליקט; קומען אין א צוזאמענשטויס; קומען צו א ווידערשפרוך, זיך סותר זיין; קעמפפען, שטרייטען.

The interests of labor and capital do not always **conflict**.

conflic'ting *a.* (קאנ-פליק'-טינג) וואס קומט צו א ווידערשפרוך; וואס איז זיך סותר.

The evidence was very **conflicting**.

conflic'tive *a.* (קאנ-פליק'-טיוו) שטרייטיג; ווידערשפרעכענד.

con'fluence *n.* (קאנ'-פלו-ענס) 1. א צוזאמענפלוס פון טייכען אדער אנדערע וואסערען אין איין ארט; דער ארט וואו צוויי אדער מעהרערע טייכען טרעפען זיך צונויף; צוזאמענלויף פון מענשען; 2. א געדרענג; 3. דאס גלייך ווערען אין פארם [וועגען ווערטער].

1. New York is at the **confluence** of two rivers. 2. There is a **confluence** of people in the streets of New York.

con'fluent *n.* and *a.* (קאנ'-פלו-ענט) 1. צוזאמענפליסענד; צונויפגיסענדיג זיך ווי צוויי טייכען וועלכע קומען זיך צוזאמען; 2. צונויפוואקסענדיג ווי צוויי ביינער אדער בלעטער; 3. א טייך וואס פאלט אריין אין אן אנדערען.

3. The Mohawk is a **confluent** of the Hudson.

con'fluent col'ors (קאנ'-פלו-ענט קאל'-ארז) קאלירען וואס גיסען זיך צונויף, אזוי אז עס איז ניט קענטיג דער איבערגאנג פון איין קאליר צום צווייטען.

con'fluently *adv.* (קאנ'-פלו-ענט-לי) אויף א צוזאמענפליסענדען אופן.

con'flux *n.* (קאנ'-פלאקס) א צוזאמענפלוס; א צוזאמענלויף; א געדרענג.

confluxibil'ity *n.* (קאנ-פלאק-סי-ביל'-אי-טי) די נייגונג פון פליסיגקייטען זיך צונויפצוגיסען.

conflux'ible *a.* (קאנ-פלאק'-סיבל) וואס האט די נייגונג צונויפצופליסען.

conflux'ibleness *n.* (קאנ-פלאק'-סיבל-נעס) ז. *confluxibility*.

conform' *v.* (קאנ-פארם') צופאסען; זיך צופאסען; ברייגנען אין הארמאניע; מאכען אז עס זאל שטימען.

A gentleman will always **conform** to the usages of good breeding.

conformabil'ity *n.* (קאנ-פאר-מע-ביל'-אי-טי) דאס זיין צוגעפאסט; דאס קענען זיך צופאסען.

confor'mable *a.* (קאנ-פאר'-מעבל) 1. צוגעפאסט; אנגעמאסטען; 2. געהארכזאם; גרייט צו פאלגען.

1. This machine is **conformable** to the model. 2. He is **conformable** to the rules of the institution.

confor'mableness *n.* (קאנ-פאר'-מעבל-נעס) ז. *conformability*.

confor'mably *adv.* (קאנ-פאר'-מע-בלי) אויף א צוגעפאסטען אופן; אין איינקלאנג; אין הארמאניע.

confor'mance *n.* (קאנ-פאר'-מענס) דאס זיין צוגעפאסט; דאס זיין ענליך.

conforma'tion *n.* (קאנ-פאר-מיי'-שאן) גלייכפערמיגקייט; צופאסונג; דער געבוי פון קערפער.

confor'mer *n.* (קאנ-פאר'-מער) איינער וואס געהארכט אדער פאלגט; איינער וואס פאלגט ווי עס שטעהט געשריבען.

confor'mist *n.* (קאנ-פאר'-מיסט) א קאנפארמיסט, אן אנהענגער פון דער אנגליקאנישער קירך.

confor'mity *n.* (קאנ-פאר'-מי-טי) גלייכפערמיגקייט, ענליכקייט; צופאסונג; איבעראיינשטימונג.

confound' *v.* (קאנ-פאונד') צומישען; צונויפמישען; פערטומלען; מאכען א צומישעניש; ערשטוינען.

confoun'ded *a.* (קאנ-פאונ'-דעד) צומישט; ערשטוינט; פערדאמט; זעהר און זעהר.

Not wishing to be **confounded** by their accusers the persons confessed.

confoun'ded lie (קאנ-פאונ'-דעד לאי) א פערדאמטער ליגען.

confoun'dedly *adv.* (קאנ-פאונ'-דעד-לי) צום ערשטוינען; פערדאמט.

confoun'dedness *n.* (קאנ-פאונ'-דעד-נעס) צומישטקייט; ערשטוינונג.

confoun'der *n.* (קאנ-פאונ'-דער) א צומישער; א פערטומלער; איינער וואס מישט צונויף איין זאך מיט דער צווייטער.

confound' it! (קאנ-פאונד' איט) פערדאמט!

confrater'nity *n.* (קאנ-פרע-טויר'-ני-טי) ארדען-ברודערשאפט · א געזעלשאפט, א פעראיין, אן ארדען.

confrère' *n.* (קאנ-פרעהר') א קאלעגע, א קאמעראד, א חבר.

confrica'tion *n.* (קאנ-פרי-קיי'-שאן) רייבונג.

confront' *v.* (קאנ-פראנט') שטעהן פנים אל פנים; שטעלען זיך אין אפענער געגנערשאפט.

Not wishing to be **confronted** by their accusers the prisoners confessed.

confronta'tion *n.* (קאנ-פראנ-טיי'-שאן) דאס שטעהן פנים אל פנים; דאס שטעלען אויג אויף אויג ארויסצוברייגנען דעם אמת.

confront'ment *n.* (קאנ-פראנט'-מענט) דאס שטעלען פנים אל פנים.

confusabil'ity *n.* (קאנ-פיו-זע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צומישט אדער פערפלאנטערט ווערען.

confu'sable *a.* (קאנ-פיו'-זעבל) וואס קען צומישט אדער צופלאנטערט ווערען; וואס קען שטעלען אין א פערלעגענהייט אדער מביש זיין.

confuse′ *v.* (קאנ-פיוז′) צומישען; אין אונארדנונג ווארפען; צופלאנטערען די רעיונות; שטעלען אין א פערלעגענהייט; מביש זיין.

confused′ *a.* (קאנ-פיוזד′) צומישט, פערפלאנטערט; אונקלאר; פערשעמט; פערלארען זיך.

confu′sedly *adv.* (קאנ-פיו′-זעד-לי) אין אנארדנונג; צומישט; צופלאנטערט.

confu′sedness *n.* (קאנ-פיו′-זעד-נעס) דאס זיין צומישט, פערפלאנטערט אדער אין פערלעגענהייט.

confu′sion *n.* (קאנ-פיו′-זשאן) צומישעניש, אונארדנונג; פערניכטונג, פערוויסטונג; דאס זיין צומישט, פערפלאנטערט; פערלעגענהייט; דאס פערשעמט ווערען.

confu′sion of tongues (קאנ-פיו′-זשאן אוו טאנגז) די צומישונג פון שפראכען ביים בויען דעם טהורעם אין בבל [דור ההפלגה].

confu′sive *a.* (קאנ-פיו′-סיוו) וואס האט די נייגונג צוצומישען זיך; צופלאנטערט; וואס איז געבראכט אין אונארדנונג.

confu′table *a.* (קאנ-פיו′-טעבל) וואס קען אבגעלייקענט ווערען דורך בעווייזע.

confuta′tion *n.* (קאנ-פיו-טיי′-שאן) די אבלייקענונג, דאס בעווייזען, אז די זאך אדער די בעהויפטונג איז פאלש.

confute′ *v.* (קאנ-פיוט′) אבלייקענען דורך בעווייזע, בעווייזען אז די זאך אדער די בעהויפטונג איז פאלש.
His argument was so cogent that it was hard to **confute** it.

confu′ter *n.* (קאנ-פיו′-טער) איינער וואס לייקענט אב דורך בעווייזע; איינער וואס בעווייזט, אז די זאך אדער די בעהויפטונג איז פאלש.

congé′ *n.* (קאהנ-זשיי′) דאס נעהמען אבשייד; די ענטלאסונג פון אן אמט; א פערנייגונג.

con′geable *a.* (קאנ′-דזשיע-עבל) מיט די פולע ערלויבנים פון געזעץ.

congeal′ *v.* (קאנ-דזשיעל′) פערוואנדלען פון א פליסיגקייט אין א הארטע זאך; פערפרירען, פערגליווערען; ווערען הארט.

congeal′able *a.* (קאנ-דזשיעל′-עבל) וואס קען פערפרארען אדער פערגליווערט ווערען; וואס קען פערהארטעוועט ווערען.

congeal′ableness *n.* (קאנ-דזשיעל′-עבל-נעס) דאס קענען פערגליווערט אדער פערהארטעוועט ווערען.

congeal′edness *n.* (קאנ-דזשיעל′-עד-נעס) דאס זיין פערגליווערט אדער פערהארטעוועט.

congeal′ment *n.* (קאנ-דזשיעל′-מענט) פערפרירונג, פערגליווערונג.

con′gee *n. and v.* (קאנ′-דזשיע) פערנייגען זיך; אבשייד נעהמען; ענטלאסען פון אן אמט; אבשייד; ענטלאסונג; דאס וואסער אין וועלכען רייז ווערט געקאכט [אין אסט-אינדיען ווערט דאס געברויכט אלס שפייז פאר אינוואלידען].

congela′tion *n.* (קאנ-דזשי-ליי′-שאן) פערפרירונג, פערגליווערונג; א פערהארטעוועטע, פערגליווערטע אדער פערפרארענע זאך.

con′gener *n.* (קאנ′-דזשי-נער) א זאך אדער בעשעפענים וואס איז פון דעם זעלבען מין.

congener′ic *a.* (קאנ-דזשי-נער′-איק) עהנליך; וואס איז פון דעם זעלבען מין.

congener′ical *a.* (קאנ-דזשי-נער′-איק-על) ז. ***congeneric***

congen′erous *a.* (קאנ-דזשענ′-ע-ראס) פון דעם זעלבען מין אדער נאטור; פון דער זעלבער אבשטאמונג.

congenet′ic *a.* (קאנ-דזשי-נעט′-איק) וואס האבען דיעזעלבע אבשטאמונג; בעשאפען געווארען אין איין צייט אדער דורך איין אורזאך.

conge′nial *a.* (קאנ-דזשיע′-ניעל) פערוואנדט, איינשטימיג אדער עהנליך איינער צום אנדערען לויט'ן געשמאק און כאראקטער; פון דער זעלבער אייגענשאפט.

congenial′ity *n.* (קאנ-דזשיע-ני-על′-אי-טי) דאס זיין עהנליך צום אנדערען לויט'ן כאראקטער אדער לויט די אייגענשאפטען.

conge′nially *adv.* (קאנ-דזשיע′-ניעל-אי) אויף דעם אופן פון עהנליכקייט אדער נאהענטקייט איינע צו די אנדערע.

congen′ital *a.* (קאנ-דזשענ′-אי-טעל) וואס עקזיסטירט פון געבורט אן; איינגעבארען; ווי א געבארענער מום.
His blindness is **congenital**.

congen′itally *adv.* (קאנ-דזשענ′-אי-טעל-אי) פון געבורט אן.

con′ger *n.* (קאנ′-גער) ז. ***conger-eel***

con′ger-eel *n.* (קאנ′-גער-איעל) א ים-אאל-פיש [אזא שלאנגען-ארטיגער פיש].



Conger-eel

conge′ries *n.* (קאנ-דזשיע′-רי-איעז) א קופע, א מאסע, א הויפען.

congest′ *v.* (קאנ-דזשעסט′) ווערען צוזאמענגעפאקט אדער צוזאמענגעדריקט; פעראורזאכען א צונויפזאמלונג פון בלוט אין איין ארט פון קערפער.

conges′ted *a.* (קאנ-דזשעס′-טעד) 1. צוזאמענגעדריקט, שטארק צוזאמענגעפאקט; צונויפגעזאמעלט אין איין ארט; 2. אנגעלאפען מיט בלוט אדער מאטעריע.
1. Poverty and wealth, ignorance and culture, live side by side in the **congested** East Side of New York. 2. The lungs may be **congested** by cold.

conges′tion *n.* (קאנ-דזשעס′-טשאן) א צוזאמענדריקונג, א צונויפזאמלונג אין איין ארט; אנקלייבונג פון בלוט און מאטעריע אין אן ארט פון קערפער.

conges′tion of popula′tion (קאנ-דזשעס′-טשאן אוו פאפ-יו-ליי′-שאן) צונויפשפארונג, געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג.

conges′tive *a.* (קאנ-דזשעס′-טיוו) צונויפגעדריקט, צונויפגעזאמעלט אין איין ארט; וואס אנבעלאנגט די אנקלייבונג פון בלוט און מאטעריע אין קערפער.

con′giary *n.* (קאנ′-דזשי-ע-רי) די פאנאנדערטיילונג פון קארן, אויל, וויין און געלד וואס דער רוימישער קיסר פלעגט געבען במתנה דעם פאלק אדער די סאלדאטען.

con′gius *n.* (קאנ′-דזשי-אס) אזא מאס צו מעסטען פליסיגקייטען אין אלטען רוים [אן אכט-חלק פון אן אמפארא].

conglo′bate *v. and a.* (קאנ-גלאו′-בייט) צונויפוויקלען אין א קנויל, צוזאמענראלען; צוזאמענגעוויקעלט אין א קנויל.

congloba′tion *n.* (קאנ-גלא-ביי′-שאן) צוזאמענוויקלונג אין א קנויל; א רונדע זאך.

conglom′erate *v., a. and n.* (קאנ-גלאמ′-ע-רייט) צוזאמענקייקלען, צונויפהויפען אין איין קופע אהן אן ארדנונג; צוזאמענגעקליבען אהן אן ארדנונג אין איין קופע; וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע שטיקלאך שוואך צוזאמענגעקלעפט איינע מיט די אנדערע; א קאנגלאמעראט, א צוזאמענקלייבונג פון פערשיעדענארטיגע שטיקלעך שוואך צונויפגעקלעפטע איינע מיט די אנדערע; א פעלזענשטיין וואס בעשטעהט פון א מאסע פון צוזאמענגעקלעפטע שטיינדלעך, זאמד, מושלען א. ד. ג.

conglomerat′ic *a.* (קאנ-גלאמ-ע-רעט′-איק) ז. ***conglomeritic***

conglomera′tion *n.* (קאנ-גלאמ-ע-ריי′-שאן) א קופע פון זאכען, וואס זיינען צוזאמענגעווארפען אהן אן ארדנונג; דאס צוזאמענהויפען אין איין מאסע; די צוזאמענקלעפונג פון פערשיעדענארטיגע שטיקלעך אין איין מאסע.

conglomerit′ic *a.* (קאנ-גלאמ-ע-ריט′-איק) וואס איז צונויפגעקייקעלט, צונויפגעקנוילט, צונויפגעוויקעלט.

conglu′tinant *a. and n.* (קאנ-גלוה′-טי-נענט) צוזאמענקלעפענד, פעראייניגענד; א רפואה וואס מאכט פערוואקסען א וואונד.

conglu′tinate *v. and a.* (קאנ-גלוה′-טי-נייט) צוזאמענקלעפען; צונויפקלייען; צוזאמענגעקלעפט, פעראייניגט.
The broken parts of the bones **conglutinated** within three days.

conglutina′tion *n.* (קאנ-גלוה-טי-ניי′-שאן) צוזאמענקלעפונג, פעראייניגונג.

conglu′tinative *a.* (קאנ-גלוה′-טי-נע-טיוו) וואס קען צוזאמענקלעפען אדער פעראייניגען.

conglu′tinator *n.* (קאנ-גלוה′-טי-ניי-טאר) דאס וואס קלעפט צוזאמען; א רפואה וואס פערהיילט א וואונד.

conglu′tinous *a.* (קאנ-גלוה′-טי-נאס) קלעפיג, וואס קען פערקלייען.

conglu′tinously *adv.* (קאנ-גלוה′-טי-נאס-לי) קלעפיגערהייט; דורך קלעפיגקייט.

con′go *n.* (קאנ′-גאו) אזא מין אמעריקאנער וויונע [אזא שלאנגען-פערמיגער פיש וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה]; א מין אפריקאנער טאנץ.

con′go-eel *n.* (קאנ′-גאו-איעל) ז. ***congo***

con′gou *n.* (קאנ′-גו) א סארט שווארצער כינעזישער טהעע.

congrat′ulant *a.* (קאנ-גרעט′-יו-לענט) גראטולירענדיג, אבגעבענדיג מזל-טוב, ווינשענדיג גליק.

congrat′ulate *v.* (קאנ-גרעט′-יו-לייט) גראטולירען, גליקווינשען, אבגעבען מזל-טוב.
I **congratulate** you upon the birth of a son.

congratula′tion *n.* (קאנ-גרעט-יו-ליי′-שאן) גראטולאציאן, גליקווינשונג.

congrat′ulator *n.* (קאנ-גרעט′-יו-ליי-טאר) א גראטולירער, א גליקווינשער.

congrat′ulatory *a.* (קאנ-גרעט′-יו-ליי-טא-רי) גראטולירענדיג, גליקווינשענדיג, אבגעבענדיג מזל-טוב.

con′gregate *v. and a.* (קאנ′-גרי-גייט) פערזאמלען, צוזאמענקומען; זיך פערזאמלען; פערזאמעלט; וואס איז שייך צו א פערזאמלונג; ענג; פעסט.


con'tact-lev'el *n.* (קאנ'-טעקט-לעוו'-על) אן אינסטרומענט, וואס ווערט געברויכט צו בעשטימען קליינע אונטערשיעדע ביים אויסמעסטען די לענג פון א זאך.

contac'tual *a.* (קאן-טעק'-טשו-על) בנוגע צום צוזאמענטרעפען אדער צום קומען אין בעריהרונג; וואס ווערט ארויסגערופען דורך בעריהרונג.

conta'gion *n.* (קאן-טיי'-דזשאן) אנשטעקונג; אנשטעקענדע קראנקהייט; פערפעסטעטע לופט.

conta'gioned *a.* (קאן-טיי'-דזשאנד) אנגעשטעקט.

conta'gionist *n.* (קאַנ-טיי'-דזשאַנ-איסט) איינער וואָס גלויבט אין דעם אַנשטעקענדען כאַראַקטער פון געוויסע קראַנקהייטען.

conta'gious *a.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס) אַנשטעקענד; וואָס שטעקט אָן מיט קראַנקהייטען, שעדליך, אונגעזונד.

Panic is more **contagious** than enthusiasm.

conta'giously *adv.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס-לי) דורך אַנשטעקונג.

conta'giousness *n.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס-נעס) דאָס זיין אַנשטעקענד.

conta'gium *n.* (קאַנ-טיי'-דזשי-אַם) אַנשטעקונג; דער שטאָף, דורך וועלכען מען שטעקט זיך אָן פון אַ קראַנקען.

contain' *v.* (קאַנ-טיין') ענטהאַלטען; צוריקהאַלטען, זיך צוריקהאַלטען.

This barrel **contains** old wine.

contain'able *a.* (קאַנ-טיינ'-עבל) וואָס קען ענטהאַלטען אָדער צוריקגעהאַלטען ווערען.

contain'er *n.* (קאַנ-טיינ'-ער) דער אָדער דאָס וואָס ענטהאַלט.

contam'inable *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-נעבל) וואָס קען בעפלעקט, בעשמוצט אָדער פערדאַרבען ווערען; וואָס קען פעראונרייניגט ווערען אָדער פעראונרייניגען.

The water supply of this city passes through a **contaminable** district.

contam'inate *v.* (קאַנ-טעמ'-אי-נייט) בעפלעקען, פערשמוצען; מאַכען אונריין, פעראונרייניגען; פערדאַרבען.

contam'inated *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טער) בעשמוצט, בעפלעקט; פעראונרייניגט; פערדאַרבען.

contamina'tion *n.* (קאַנ-טעמ-אי-ניי'-שאַן) בעפלעקונג, בעשמוצונג; פעראונרייניגונג; פערדאַרבונג.

Unclean streets easily lead to a **contamination** of the whole city with disease.

contam'inative *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טיוו) בעפלעקענד, בעשמוצענד; פעראונרייניגענד; פערדאַרבענד.

contan'go *n.* (קאַנ-טענ'-גאָו) די סומע געלד וואָס אַ קויפער פון ווערטה-פּאַפּיערען אויף דער לאָנדאָנער בערזע דאַרף בעצאָהלען, ווען ער בעצאָהלט ניט אין אַ בעשטימטען טאָג פאַר די געקויפטע ווערטה-פּאַפּיערען.

contan'go day (קאַנ-טענ'-גאָו דיי) אַ בעשטימטער טאָג אויף דער לאָנדאָנער בערזע, ווען די קויפער פון ווערטה-פּאַפּיערען, וואָס צאָהלען ניט אָב פאַר די געקויפטע ווערטה-פּאַפּיערען, דאַרפען בעצאָהלען דערפאַר וואָס זיי מאַכען ניט די איינצאָהלונג.

contemn' *v.* (קאַנ-טעמ') פעראַכטען, גרינגשעצען.

contem'nedly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נעד-לי) מיט פעראַכטונג; מיט גרינגשעצונג.

contem'ner *n.* (קאַנ-טעמ'-נער) דער-וואָס פערהאַלט זיך מיט פעראַכטונג אָדער גרינגשעצונג.

contem'ningly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נינג-לי) ז. *contemnedly*

contem'plable *a.* (קאַנ-טעמ'-פּלעבל) וואָס ווערט בעטראַכט, אָדער בעאָבאַכטעט; וואָס ווערט בעאַבזיכטיגט; ווענען וואָס מען דענקט נאָך.

contem'plate *v.* (קאַנ-טעמ'-פּלייט) 1. נאָכדענקען, בעטראַכטען; בעאָבאַכטען; 2. בעאַבזיכטיגען.

1. I shall **contemplate** over it and let you know. 2. I **contemplate** going to Palestine.

contempla'tion *n.* (קאַנ-טעמ-פּליי'-שאַן) 1. נאָכדענקונג; 2. בעאַבזיכטיגונג; 3. בעטראַכטונג, בעאָבאַכטונג.

1. I was absorbed in **contemplation** when she came in.

contem'plative *n. and a.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו) נאָכדענקענדיג, פאַרשענדיג; פערזונקען אין געדאַנקען; איינער וואָס פערנעהמט זיך מיט נאָכדענקען ווענען עפּעס, איבערהויפּט ווענען רעליגיעזע זאַכען; אַ מאָנאָך, אַ נזיר; אַ מאָנאָך פון דעם מאַריאַ מאַגדאַלענאַ אָרדען.

contem'plative fac'ulty (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו פעק'-אַל-טי) די דענקונגס-קראַפט.

contem'platively *adv.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו-לי) מיט אַ גענויעם בעטראַכטען; דורכדרינגענד מיט'ן געדאַנק.

contem'plativeness *n.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו-נעס) דאָס נאָכדענקען, דאָס טראַכטען.

con'templator *n.* (קאַנ'-טעמ-פּליי-טאַר) איינער וואָס דענקט נאָך.

contemporane'ity *n.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-רע-ני'-אי-טי) גלייכצייטיגקייט, דאָס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדערען.

contempora'neous *a.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס) גלייכצייטיג, וואָס לעבט אָדער פּאַסירט אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contempora'neously *adv.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס-לי) גלייכצייטיג, אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contempora'neousness *n.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס-נעס) גלייכצייטיגקייט, דאָס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contem'porary *a. and n.* (קאַנ-טעמ'-פּאָ-רע-רי) גלייכצייטיג; גלייכצייטיג עקזיסטירענד אין דעמזעלבען אָרט [ווי אַ צייטונג, אַ זשורנאַל א. ד. ג.]; איינער וואָס לעבט אין איין צייט מיט אַן אַנדערען.

Washington and Lafayette were **contemporaries**.

contempt' *n.* (קאַנ-טעמפּט') פעראַכטונג; דאָס פעראַכטען; דאָס מבזה זיין; דאָס זיין פעראַכטעט אָדער פערשעמט; דאָס בעליידיגען די עפענטליכע מאַכט [די געזעצגעבענדע איינריכטונג, דאָס געריכטס-הויז, דעם ריכטער א. ד. ג.].

contemptibil'ity *n.* (קאַנ-טעמפּ-טי-ביל'-אי-טי) דאָס זיין פעראַכטליך אָדער פעראַכטונגס-ווערטה; אונווירדיגקייט.

contemp'tible *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל) פעראַכטונגס-ווערטה; פעראַכטליך; אונווירדיג; נידעריג, געמיין; פעראַכטעט; ערנידעריגט, בעליידיגט.

contemp'tibleness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל-נעס) פעראַכטליכקייט, אונווירדיגקייט.

contemp'tibly *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טי-בלי) אויף אַ פעראַכטליכען אָדער אונווירדיגען אופן.

contempt' of court (קאַנ-טעמפּט' אָוו קאָורט) דאָס ניט פאָלגען דעם געריכט, דאָס בעליידיגען אַ ריכטער אין געריכט.

contemp'tuous *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס) פול מיט פעראַכטונג; פרעך; מיט גאווה; מיט בייזקייט, מיט גאַל.

contemp'tuously *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-לי) אויף אַ פרעכען אָדער פעראַכטונגספאָלען אופן; מיט גאווה, מיט בייזקייט, מיט גאַל.

contemp'tuousness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-נעס) פעראַכטונג צו אַנדערע; פרעכהייט.

contend' *v.* (קאַנ-טענד') בעהויפּטען עפּעס אין אַ דעבאַטע אָדער וכוח; שטרייטען; קעמפּפען פאַר עפּעס; סטאַרען זיך עפּעס צו דערגרייכען אָדער פערטיידיגען; פיהרען אַ וכוח, דעבאַטירען.

conten'dent *n.* (קאַנ-טענ'-דענט) דער וואָס שטרייט געגען אַן אַנדערען; דער אַנטאַגאָניסט, דער צד-שכנגד.

conten'der *n.* (קאַנ-טענ'-דער) אַ שטרייטער; אַ דעבאַטאַנט.

conten'ding *a.* (קאַנ-טענ'-דינג) זיך שטרייטענדיג, דעבאַטירענדיג.

conten'ement *n.* (קאַנ-טענ'-אי-מענט) אין געזעצגעבונג — דאָס, וואָס בעלאַנגט צו אַ הויז, ווי אַ שטיקעל לאַנד, וועלכעס דאָס הויז מוז האָבען אַרום זיך א. ד. ג.

content' *a., n. and v.* (קאַנ-טענט') צופרידען; צופרידענהייט; בעפרידיגען, צופרידען שטעלען; צופרידען זיין; בענוגענען זיך.

conten'ted *a.* (קאַנ-טענ'-טעד) 1. צופרידען; 2. אָהן זאָרג; רוהיג; 3. נאָכגיעביג, וויליג.

1. Men are **contented** to be laughed at for their wit, but not for their folly.

conten'tedly *adv.* (קאַנ-טענ'-טעד-לי) מיט צופרידענהייט; רוהיג; אָהן זאָרג; מיט נאָכגיעביגקייט; וויליג.

conten'tedness *n.* (קאַנ-טענ'-טעד-נעס) צופריעדענהייט.

conten'tion *n.* (קאַנ-טענ'-שאַן) מחלוקת, אַ קריעג, אַ שטרייט, אַ קאָנפליקט, אַ דיספּוט; די זאַך, איבער וועלכער דער שטרייט געהט אָן; אַן אַרגומענט, אַ ראיה אין אַ וכוח.

conten'tious *a.* (קאַנ-טענ'-שאַס) שטרייטיג, קריגעריש; איינרייסענדיג.

conten'tious ar'gument (קאַנ-טענ'-שאַס אַר'-גיו-מענט) אַן אַרגומענט אין אַ דעבאַטע, וועלכער ווערט אַרויסגעשטעלט נור מיט דעם ציעל צו האַמפּערען זיך און צו פערטומלען דעם געגנער.

conten'tiously *adv.* (קאַנ-טענ'-שאַס-לי) מיט צאַנקעריי, דורך האַמפּערען זיך; אויף אַ קריעגערישען אָדער שטרייטיגען אופן.

conten'tiousness *v.* (קאַנ-טענ'-שאַס-נעס) די נייגונג צו שטרייטען אָדער צו קריגען זיך.

content'less *a.* (קאַנ-טענט'-לעס) אָהן בעפרידיגונג, אונצופרידען.

content'ment *n.* (קאַנ-טענט'-מענט) דאָס זיין בעפרידיגט; צופרידענהייט.

contents' *n.* (קאַנ-טענטס') אַלץ וואָס ענטהאַלט זיך אין אַ געוויסער זאַך אָדער אין געוויסע גרענעצען; אינהאַלט; אינהאַלטס-פערצייכניס.

conter'minal *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נעל) וואָס גרענעצט זיך מיט עפּעס.

conter'minous *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נאַס) זיך גרענעצענד, נאָהנט; וואָס גרענעצט זיך מיט אַן אַנדער זאַך; וואָס האָט דעם זעלבינען שטח; פון דעם זעלבינען קלאַס [אין זאָאָלאָגיע].

con'test *n.* (קאַנ'-טעסט) אַ קאַמפּף, אַ שטרייט, אַ געשלעג; אַ דיספּוט, אַ וכוח.

The race was a contest of endurance, not of skill.

contest' *v.* (קאַנ-טעסט') שטרייטען איבער אַ זאַך; דיספּוטירען; קעמפּפען פאַר עפּעס; שלאָגען זיך, מלחמה האַלטען.

The soldiers **contested** every inch of ground in the battle.

contes'tant *n.* (קאנ-טעס'-טענט) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א געפעכט, אין א קריעג אדער אין א דיספוט.

con'text *n.* (קאנ'-טעקסט) צוזאמענהאנג פון איין טייל פון א רעדע, בוך א. ד. ג. מיט דעם אנדערען.

contex'tual *a.* (קאנ-טעקס'-טשו-על) וואס איז שייך צו א שטעלע אדער אויסצוג [פון א בוך]; שטימענד מיט'ן טעקסט.

contex'tually *adv.* (קאנ-טעקס'-טשו-על-אי) איינשטימענדיג מיט'ן טעקסט; דורך'ן איבערגעבען ווארט ביי ווארט.

contex'tural *a.* (קאנ-טעקס'-טשו-רעל) וואס געהערט צו דער צוזאמענזעצונג, צום געבוי אדער צו דער סיסטעם פון צוזאמענשטעלונג פון א קערפער.

contex'ture *n.* (קאנ-טעקס'-טשור) די צוזאמענזעצונג, צוזאמענשטעלונג; דער געבוי פון עפעס; דער ארט אדער די סיסטעם ווי אזוי א קערפער אדער א זאך איז צוזאמענגעשטעלט.

con thanks (קאן טהענקס) דאנקען.

contigu'ity *n.* (קאנ-טי-גיו'-אי-טי) א נאהענטע בעריהרונג, נאהענטקייט; א רייהע זאכען, וואס פאלגען אונאויפהערליך איינע נאך דער צווייטער; אידעען-פערבינדונגען [א פסיכאלאגישער געזעץ, דאס ווען צוויי אדער מעהרערע פארשטעלונגען זיינען ענג פערבונדען צווישען זיך און איין פארשטעלונג ווערט ארויסגערופען, פאלגען אויך די איבריגע].

contig'uous *a.* (קאנ-טיג'-יו-אס) וואס איז נאהענט, וואס קומט אין בעריהרונג, וואס גרענעצט זיך.

contig'uous an'gles (קאנ-טיג'-יו-אס ענגלז) נעבען-ליעגענדע ווינקלען [אין געאמעטריע].

contig'uously *adv.* (קאנ-טיג'-יו-אס-לי) דורך בעריהרונג.

con'tinence *n.* (קאנ'-טי-נענס) מעסיגקייט; ענטהאלטזאמקייט; נזירות; זעלבסט-בעהערשונג [אין בעצוג צו ליידענשאפטען]; אן אונאונטערבראכענע רייהע.

con'tinency *n.* (קאנ'-טי-נען-סי) ז. ***continence***

con'tinent *a. and n.* (קאנ'-טי-נענט) איינגעהאלטען [אין די תאוות]; א זעהר גרויסע שטיק יבשה, א וועלט-טהייל, א קאנטינענט.

Con'tinent *n.* (קאנ'-טי-נענט) אייראפא אויסער די בריטאנישע אינזלען [אין דעם זין געברויכען דאס ווארט די ענגלענדער, אום אונטערצושיידען די איבריגע טיילען פון אייראפא פון די ענגלישע בעזיצונגען אין אייראפא. אזוי פלעגט מען אויך רופען ענגלאנד אין אמעריקא, בעת די פעראייניגטע שטאאטען האבען בעלאנגט צו ענגלאנד און בעת דער אמעריקאנער רעוואלוציאן].

continen'tal *a. and n.* (קאנ-טי-נענ'-טעל) וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א קאנטינענט, צו א גרויסער שטיק יבשה [אין געגענזאץ צו אלעם וואס בעלאנגט אדער האט א שייכות צו אינזלען]; אן איינוואהנער פון א קאנטינענט [הויפטזעכליך פון דעם אייראפעאישען קאנטינענט, ווי עס ווערט אנגענומען אין ענגלאנד]; אן ענגלישער סאלדאט אין אמעריקא בעת דער רעוואלוציאן אין די פעראייניגטע שטאאטען.

Continen'tal Con'gress (קאנ-טי-נענ'-טעל קאנ'-גרעס) דער קאנטינענטאלער קאנגרעס [אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן — א קערפערשאפט פון פערטרעטער פון די דרייצעהן ענגליש-אמעריקאנישע קאלאניעס, וועלכע האבען שפעטער זיך פעראייניגט אין די איצטיגע פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

continen'talist *n.* (קאנ-טי-נענ'-טעל-איסט) אן איינוואהנער פון א קאנטינענט [אין געגענזאץ צו אן איינוואהנער פון אן אינזעל].

continen'tal sys'tem (קאנ-טי-נענ'-טעל סיס'-טעם) דער פלאן פון נאפאלעאן דעם ערשטען אבצושאפען דעם ענגלישען האנדעל מיט גאנץ אייראפא [לויט א בעפעהל פון נאפאלעאן'ען איז ענגלאנד אין יאהר 1806 ערקלעהרט געווארען אונטער א בלאקאדע און אלע ענגלענדער, וואס מען האט געכאפט אין פראנקרייך און אין די לענדער, וואס זיינען געווען פערבונדען מיט פראנקרייך, זיינען ערקלערט געווארען פאר קריעגס-געפאנגענע].

con'tinently *adv.* (קאנ'-טי-נענט-לי) אין א צוריקגעהאלטענער פארם; דורך זעלבסט-בעהערשונג [פון תאוות].

contin'gence *n.* (קאנ-טינ'-דזשענס) צופעליגקייט; צופאל.

contin'gency *n.* (קאנ-טינ'-דזשען-סי) ז. ***contingence***

contin'gent *a. and n.* (קאנ-טינ'-דזשענט) צופעליג; מעגליך בלויז אונטער געוויסע אומשטענדען אדער בעדינגונגען; וואס איז אבהענגיג פון..., וואס ווענדט זיך אן...; ניט זיכער; ניט פעסט בעשטימט; צופעליגקייט; צופאל; קאנטינגענט [א געוויסע צאהל, בעזאנדערס א געוויסע צאהל סאלדאטען]; א צאהל סאלדאטען, וואס יעדע פון די פעראייניגטע מלוכות שטעלען צו אדער דארפען צושטעלען בעת א מלחמה.

contin'gently *adv.* (קאנ-טינ'-דזשענט-לי) אונטער געוויסע אומשטענדען; בתנאי; צופעליגערווייזע; אונגעפעהר.

contin'ual (קאנ-טינ'-יו-על) וואס ווערט ניט אונטערבראכען; אונאויפהערענד; וואס ווידערהאלט זיך זעהר אפט.

contin'ually *adv.* (קאנ-טינ'-יו-על-אי) אהן אויפהער; ניט אונטערבראכען; שטענדיג.

contin'ualness *n.* (קאנ-טינ'-יו-על-נעס) דאס דויערען אהן אן אויפהער; דאס זיין אונאויפהערענד; שטענדיגקייט.

contin'uance *n.* (קאנ-טינ'-יו-ענס) שטענדיגקייט; אויפהאלטונג; אונאויפהערונג; דאס דויערען; דאס אבלעגען א געריכטס-פראצעס פון איין בעשטימטער צייט אויף א צווייטער.

continua'tion *n.* (קאנ-טינ-יו-איי'-שאן) פארטזעצונג.

contin'uative *a. and n.* (קאנ-טינ'-יו-ע-טיוו) וואס דריקט אויס בעשטענדיגקייט; אן אויסדרוק פון בעשטענדיגקייט; א פערבינדונגס-ווארט.

contin'uatively *adv.* (קאנ-טינ'-יו-ע-טיוו-לי) אין פארטזעצונג; אויף א דויערענדען שטייגער.

contin'uator *n.* (קאנ-טינ'-יו-איי-טאר) דער פארטזעצער.

contin'ue *v.* (קאנ-טינ'-יו) פארטזעצען; פארטציהען; אנהאלטען; געדויערען.
I shall **continue** my friendly relations with you.

contin'ued *a.* (קאנ-טינ'-יוד) פארטגעזעצט; פארטגעצויגען; דויערענד.

contin'ued frac'tion (קאנ-טינ'-יוד פרעק'-שאן) א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער [די צאהל איבער'ן שטריך] איז אן איינס און דער נענער [די צאהל אונטער'ן שטריך] בעשטעהט פון א גאנצער צאהל צוזאמען מיט א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אן איינס און דער נענער איז ווידער א גאנצע צאהל צוזאמען מיט א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אן איינס א. ז. וו., ווי למשל:

$$2+\cfrac{1}{2+\cfrac{1}{3+\cfrac{1}{4+\cfrac{1}{5+\cfrac{1}{6+}}}}}$$
א. ז. וו.

contin'uer *n.* (קאנ-טינ'-יו-ער) ז. ***continuator***

contin'uing *a.* (קאנ-טינ'-יו-אינג) דויערענד, אויפהאלטענד, פארטציהענד, פארטזעצענד.

contin'uingly *adv.* (קאנ-טינ'-יו-אינג-לי) אהן א הפסקה; דויערענד כסדר.
The attorney questioned him **continuingly.**

continu'ity *n.* (קאנ-טי-ניו'-אי-טי) דאס זיין אונאויפהערענד; אונאונטערבראכענקייט; צוזאמענהאנג.

contin'uous *a.* (קאנ-טינ'-יו-אס) צוזאמענהענגענד; כסדר דויערענד; אונאונטערבראכען.

contin'uously *adv.* (קאנ-טינ'-יו-אס-לי) אויף א כסדר דויערענדען, אונאויפהערענדען אופן.

contin'uousness *n.* (קאנ-טינ'-יו-אס-נעס) אונאונטערבראכענקייט; דויער.

contor'niate *n. and a.* (קאנטאהר-ני-אייט) וואס האט א געקארבטען ראנד; א מטבע אדער מעדאל מיט א געקארבטען ראנד.

contort' *v.* (קאנ-טאהרט') אויסדרעהען, אויסבויגען, פלעכטען.

contor'ted *a.* (קאנ-טאהר'-טעד) אויסגעדרעהט, פערקרימט, צובויגען.

contor'tion *n.* (קאנ-טאהר'-שאן) דאס דרעהען זיך אדער פלעכטען; דאס זיין פערדרעהט; דאס פערקרימען א גליעד פון קערפער; דאס אנווארען דעם נאטירליכען צושטאנד.

contor'tionist *n.* (קאנ-טאהר'-שאנ-איסט) א קונצענמאכער וואס ברעכט זיך.

contor'tive *a.* (קאנ-טאהר'-טיוו) וואס איז שייך אדער האט א נייגונג צו דרעהען אדער ברעכען זיך; וואס איז פערקרימט, צובויגען.

con'tour *n.* (קאנ'-טוהר) די קאנטור, די אויסערע שטריכען פון א פיגור.

contour' *v.* (קאנ-טוהר') לעגען די קאנטור, מאכען אויסערע שטריכען פון א פיגור.

contour'ing *n.* (קאנ-טוהר'-אינג) דאס בעצייכענען די שטריכען פון א פיגור.

contour'-line *n.* (קאנ-טוהר'-לאין) די ליניע וועלכע בעצייכענט אויף וויפיעל א שטיק לאנד איז העכער איבער די אויבערפלעכע פון וואסער.

con'tra *adv. and prep.* (קאנ'-טרא) אנטקעגען; געגען.

con'traband *n. and a.* (קאנ'-טרע-בענד) קאנטראבאנד, פערבאטענע סחורה; פערבאטען [אריינצופיהרען אין א לאנד אדער ארויסצופיהרען].

con'trabandism *n.* (קאנ'-טרע-בענ-דיזם) דאס דורכ'גנב'ענען דורך'ן גרענעץ.

con'trabandist *n.* (קאנ'-טרע-בענ-דיסט) א קאנטראבאנדיסט, דער וואס גנב'עט דורך סחורה דורך'ן גרענעץ.

con'trabass *n.* (קאנ'-טרא-בײם) א קאנטראבאס [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

con'trabassist *n.* (קאנ'-טרא-בעם-איסט) דער וואס שפּיעלט אויף'ן קאנטראבאס.

contrabas'so *n.* (קאנ-טרא-בעס'-סא) ז. *contrabass*

con'tra bo'nos mo'res (קאנ'-טרא באו'-נאום מאו'-ריעז) אונזיטליך, אונמאראליש; ניט לויט די אנגענומענע מאראל אדער זיטען.

con'tract *n.* (קאנ'-טרעקט) א קאנטראקט, אבמאך; פערלאבונג [תנאים].

contract' *v.* (קאנ-טרעקט') צוזאמענציהען; פערקלענערען; פערקירצען; צונויפגעצויגען ווערען; קלענער ווערען, קירצער ווערען; פערלאבען; מאכען א קאנטראקט; ערווערבען.

contract' a hab'it (קאנ-טרעקט' ע העב'-איט) זיך איינגעוועהנען אין עפּעס.

contrac'tant *n.* (קאנ-טרעק'-טענט) איינער פון די צדדים ביים שליסען א קאנטראקט.

contract' debts (קאנ-טרעקט' דעטס) מאכען חובות.

contrac'ted *a.* (קאנ-טרעק'-טעד) צוזאמענגעצויגען; אייגעננוציג; שמאל=קעפּיג; בעשרענקט, בעגרענצט [אין מיטעל צום לעבען אדער אין געלעגענהייטען]; וואס איז בעשטימט געווארען דורך אן אבמאך; פערלאבט.

contrac'tedly *adv.* (קאנ-טרעק'-טעד-לי) אויף א צונויפגעצויגענעם אדער פערקירצטען אופן; אויף א בעשרענקטען אופן; דורך אייגעננוציגקייט.

contrac'tedness *n.* (קאנ-טרעק'-טעד-נעס) צונויפגעצויגענקייט, קורצקייט; געמיינהייט, אייגעננוציגקייט; דאס זיין קורץ געפּאסט.

contract' friend'ship (קאנ-טרעקט' פרענד'-שיפּ) שליסען פריינדשאפט.

contractibil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טי-ביל'-אי-טי) די אייגענשאפט צו קענען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tible *a.* (קאנ-טרעק'-טיבל) וואס קען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tibleness *n.* (קאנ-טרעק'-טיבל-נעס) ז. *contractibility*

contrac'tile *a.* (קאנ-טרעק'-טיל) וואס קען זיך צוזאמענציהען; וואס קען איינשרומפּען; וואס קען זיך צונויפלעגען [ווי געוויסע גליעדער פון אינזעקטען, צ. ב. די פיסלעך וואס קענען זיך צונויפלעגען הארט לעבען קערפּער, אזוי אז עס איז זיי קוים צו בעמערקען].

contractil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טיל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך צוזאמענצוציהען, איינלויפען אדער איינשרומפּען.

contrac'ting *a.* (קאנ-טרעק'-טינג) מאכענדיג א קאנטראקט.

contrac'tion *n.* (קאנ-טרעק'-שאן) 1. דאס איינלויפען, איינשרומפּען אדער צוזאמענציהען זיך; 2. אבקירצונג [פון אווארט אדער ארטיקעל]; 3. די צוזאמענציהונג אדער קרימונג פון די געלענקען, קראמפּף פון גליעדער, לעהמונג פון גליעדער; 4. אן אבגעקירצטע מעטאדע צו מאכען געוויסע רעכנונגען; 5. דאס ערווערבען.

1. Cold causes a contraction of the blood.
2. "Can't" is a contraction of "can not."
5. The contraction of debts is a bad habit.

contrac'tional *a.* (קאנ-טרעק'-שאנ-על) וואס איז איינגעשרומפּען, צונויפגעצויגען אדער איינגעלאפען; פערארורזאכט דורך איינשרימפּען אדער איינלויפען.

contrac'tionist *n.* (קאנ-טרעק'-שאנ-איסט) איינער וואס איז דערפאר, אז עס זאל איינגעשרענקט ווערען די צירקולאציאן פון פאפיער=געלד אין לאנד.

contrac'tion-rule *n.* (קאנ-טרעק'-שאן-רוהל) דער כלל פון א מאדעל=מאכער פאר מעטאל=גיסערייען צו מאכען דעם מאדעל עטוואס גרעסער אויף דעם סמך וואס דאס מעטאל וואס קיהלט זיך אב נאך'ן אבגיסען לויפט איין [פאר גוס=אייזען צ. ב. ווערט אויף צוויי פוס לענג גערעכענט ¼ צאל אויף איינלויפען].

contrac'tive *a.* (קאנ-טרעק'-טיוו) וואס האט א נייגונג זיך צונויפצוציהען, איינשרומפּען אדער איינלויפען; וואס לויפט איין אדער ציהט זיך צוזאמען.

contrac'tor *n.* (קאנ-טרעק'-טאר) איינער וואס שליסט א קאנטראקט; איינער פון די צדדים וואס שליסען א קאנטראקט; א פּאדריאטשיק, א ליפעראנט; א בוי=אונטערנעהמער; א צונויפציהונגס=מוסקעל.

contrac'tual *a.* (קאנ-טרעק'-טשו-על) וואס קומט פון א קאנטראקט אדער אבמאך; וואס האט דעם כאראקטער פון א קאנטראקט.

contrac'ture *n.* (קאנ-טרעק'-טשור) די צונויפציהונג פון א מוסקעל; דאס איינציהען זיך אדער קורצער ווערען פון א מוסקעל.

contrac'tured *a.* (קאנ-טרעק'-טשורד) וואס ליידט פון א צונויפגעצויגענעם מוסקעל; צונויפגעצויגען [ווענען א מוסקעל].

con'tra-dance *n.* (קאנ'-טרא-דענס) א געגענטאנץ [א טאנץ פון פּיער פּארלעך איינע געגען די אנדערע].

contradict' *v.* (קאנ-טרע-דיקט') ווידערשפּרעכען; אבלייקענען.

I must **contradict** your statement.

contradic'table *a.* (קאנ-טרע-דיק'-טעבל) וואס קען ווידערשפּראכען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווערען; וואס קען בעשטריטען ווערען.

contradic'ter *n.* (קאנ-טרע-דיק'-טער) איינער וואס ווידערשפּרעכט; איינער וואס לייקענט אב.

contradic'tio in adjec'to (קאנ-טרע-דיק'-שי-או אין ע-דזשעק'-טאו) א ווידערשפּרוך אין דעם עצם פון דער זאך [ווי צ. ב. טרוקענע וואסער, הייסע אייז א. ד. ג.].

contradic'tion *n.* (קאנ-טרע-דיק'-שאן) ווידערשפּרעכונג; אבלייקענונג; געגענזעצליכקייט.

The Abolitionists pointed out the **contradiction** between slavery and the Constitution.

contradic'tion in terms (קאנ-טרע-דיק'-שאן אין טוירמז) א פראזע וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך אין זיך [ווי צ. ב. א רונדער קוואדראט].

contradic'tious *a.* (קאנ-טרע-דיק'-שאס) וואס איז גענייגט שטענדיג צו ווידערשפּרעכען, אבצולייקענען, קריטיקירען אדער קריגען זיך.

contradic'tiously *adv.* (קאנ-טרע-דיק'-שאס-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'tive *a.* (קאנ-טרע-דיק'-טיוו) וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך; וואס איז געגענזעצליך.

contradic'tively *adv.* (קאנ-טרע-דיק'-טיוו-לי) דורך א ווידערשפּרוך.

contradic'tor *n.* (קאנ-טרע-דיק'-טאר) ז. *contradicter*

conradic'torily *adv.* (קאנ-טרע-דיק'-טא-רי-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'toriness *n.* (קאנ-טרע-דיק'-טא-רי-נעס) א ווידערשפּרוך; געגענזעצליכקייט.

contradic'tory *n. and a.* (קאנ-טרע-דיק'-טא-רי) וואס איז פּונקט דער געגענזאץ; ווידערשפּרעכענד; א געדאנק וואס איז פּונקט דער געגענזאץ פון אן אנדערען.

contradistinct' *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינקט') וואס אונטערשיידעט זיך דייטליך פון אן אנדער זאך.

contradistinc'tion *n.* (קאנ-טרע-דיס-טינק'-שאן) דאס אונטערשיידען דורך א געגענזאץ.

contradistinc'tive *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינק'-טיוו) וואס אונטערשיידעט זיך דורך א געגענזאץ.

contradistin'guish *v.* (קאנ-טרע-דיס-טינ'-גהוויש) אונטערשיידען צווישען צוויי אדער עטליכע זאכען אויף וויפיעל זיי זיינען געגענזעצליך איינע צו די אנדערע.

contrageomet'ric *a.* (קאנ-טרע-דזשי-א-מעט'-ריק) וואס בעצייכענט א בעציהונג צווישען דריי צאהלען אין דער מאטעמאטישער פארמעל: a(a—b)=b(b—c)

contraharmon'ical *a.* (קאנ-טרע-האר-מאנ'-אי-קעל) וואס איז אין געגענזאץ צו הארמאניע.

contrain'dicant *n.* (קאנ-טרע-אינ'-די-קענט) דאס וואס ווייזט אן דעם היפוך.

contrain'dicate *v.* (קאנ-טרע-אינ'-די-קייט) אנווייזען א הייל=מעטאדע וועלכע איז געגען די געוועהנליכע אנגענומענע.

contraindica'tion *n.* (קאנ-טרע-אינ-די-קיי'-שאן) א סימפּטאם אדער קראנקהייטס=צייכען, וועלכער בעווייזט דאס מען טאר ניט אנווענדען די געוועהנליכע מעטאדען פון קורירען, וואס די קראנקהייט וואלט זאנסט געפאדערט.

contral'to *n. and a.* (קאנ-טרעל'-טאו) קאנטר=אלטא [אין מוזיק, די שטימע צווישען סאפּראנא און טענאר]; א זינגער מיט א קאנטר=אלטא שטימע; וואס אנבעלאנגט צו קאנטר=אלטא.

con'tra-oc'tave *n.* (קאנ'-טרע-אק'-טייוו) די קאנטר=אקטאווע [די צווייטע אקטאווע אין דער מוזיק, וועלכע ווערט בעצייכענט מיט דאפּעלטע בוכשטאבען, ווי *CC, DD* א. ד. ג.].

con'traplex *a.* (קאנ'-טרע-פּלעקס) וואס איז שייך צום טעלעגראפירען אויף איין דראט איןביידע געגענגעזעצטע ריכטונגען.

contrapose' *v.* (קאנ-טרע-פּאוס') איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף דעם אופן, אז ער זאל געבען א גאנץ אומגעקעהרטע בעדייטונג. ז. *contraposition*

contraposi'tion *n.* (קאנ-טרע-פּא-זיש'-אן) דאס איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף אזא אופן, אז עס קומט ארויס א גאנץ אומגעקעהרטער געדאנק [צ. ב. דעם זאץ: "אויב די טינט וועט מאכען א שווארצען פלעק, וועסטו זי ניט

פערגיסען" איבערשטעלען אין אזא פארם: "אויב דו וועסט זי פערגיסען, וועט די טינט ניט מאכען קיין שווארצען פלעק"]; ענטגעגענשטעלונג.

contrap'tion *n.* (קאנ-טרעפ'-שאן) א פלאן; אן איינפאל.

contrapun'tal *a.* (קאנ-טרע-פאנ'-טעל) אין מוזיק — וואס געהערט צום קאנטראפונקט אדער צו דער קונסט פון פערבינדען מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע גאנצע. ז. *counterpoint*

contrapun'tally *adv.* (קאנ-טרע-פאנ'-טעל-אי) אויף דעם אופן פון פעראייניגען מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע גאנצע.

contrapun'tist *n.* (קאנ-טרע-פאנ'-טיסט) דער וואס איז פראקטיצירט אין קאנטראפונקטען, אין דער קונסט פון פעראייניגען מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע גאנצע.

contr'ar'co *n.* (קאנ-טראר'-קא) ניט קיין ריכטיגע בעוועגונג פון סמיק איבער'ן פידעל.

contrari'ety *n.* (קאנ-טרע-ראי'-ע-טי) דער ווידערשפרוך; דער היפוך; דער געגענזאץ; די געגענזעצליכקייט.

contrari'ety of posi'tion (קאנ-טרע-ראי'-ע-טי אוו פא-זיש'-אן) די געגענזעצליכקייט פון דער לאגע, ווען איין זאך געפינט זיך פונקט אויף א געגענזעצליכער פאזיציאן ווי די אנדערע, ווי למשל, די צוויי פאלען פון דער ערד.

contrari'ety of qual'ity (קאנ-טרע-ראי'-ע-טי אוו קהוואל'-אי-טי) די בעציהונגען פון אייגענשאפטען, וועלכע זיינען געגענזעצליך איינע צו די אנדערע, ווי למשל, קאלט און ווארעם, ליכט און פינסטער א. ז. וו.

con'trarily *adv.* (קאנ'-טרע-רי-לי) להיפוך, פונקט פערקעהרט.

con'trariness *n.* (קאנ'-טרע-רי-נעס) געגנערשאפט, אפאזיציאן; אומגעקעהרטקייט; איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט.

con'trariwise *adv.* (קאנ'-טרע-רי-הוואיז) פונקט פערקעהרט; אומגעקעהרט; להיפוך.
His habit is to act **contrariwise**.

con'trary *a., adv. and n.* (קאנ'-טרע-רי) פערקעהרט, געגען; וואס געפינט זיך אין געגענזאץ; וואס האט די נייגונג שטענדיג צו זיין צואווידער; להיפוך, אומגעקעהרט; א זאך וואס געפינט זיך אין געגענזאץ צו דער צווייטער.

con'trary-min'ded *a.* (קאנ'-טרע-רי-מאינ'-דעד) וואס דענקט פערקעהרט; מיט א געגענזעצליכער מיינונג.

contrast' *v.* (קאנ-טרעסט') שטעלען אין געגענזאץ; פערגלייכען פערשיעדענע זאכען, כדי צו בעווייזען זייער קאנטראסט; שטעהן אין געגענזאץ צו עפעס.

con'trast *n.* (קאנ'-טרעסט) א קאנטראסט, א היפוך; א דירעקטער געגענזאץ; דאס פערגלייכען צוויי אדער מעהר פערשיעדענע זאכען, כדי צו זעהן דעם געגענזאץ צווישען זיי.

con'tra-stim'ulant *n. and a.* (קאנ'-טרע-סטימ'-יו-לענט) וואס ווירקט געגען אן אויפרעגונג; א רפואה אדער א מיטעל אבצושוואכען די ווירקונג פון אן אויפרעגונג.

contras'tive *a.* (קאנ-טרעס'-טיוו) וואס פאלגט פון א קאנטראסט; וואס איז צוליעב דעם געגענזאץ.

con'trate *a.* (קאנ'-טרייט) וואס האט נעגעל אדער צייהנער, וועלכע זיינען איינגעארדענט פונקט פערקעהרט ווי געוועהנליכע [ווערט געברויכט געוועהנליך ביי צייהן-רעדלעך פון א זייגער].

con'tra-ten'or *n.* (קאנ'-טרע-טענ'-אר) קאנטרא-טענאר [א מיטעלע שטימע צווישען דיסקאנט און טענאר].

contravalla'tion *n.* (קאנ-טרע-ווע-ליי'-שאן) א רייה אנגעשאטענע בערגלעך ערד וואס דיענט אן ארמעע, ווען זיי בעלאגערן א שטאדט, אלס שוץ געגען די פלוצליכע אטאקעס פון פיינד.

contravene' *v.* (קאנ-טרע-וויען') קומען אין קאנפליקט מיט עפעס; האנדלען געגען אימעצען; איבערטרעטען.
We can not **contravene** the laws of nature and remain in good health.

contrave'ner *n.* (קאנ-טרע-וויע'-נער) דער וואס האנדעלט געגען אימעצען; דער וואס טרעט איבער [דעם געזעץ]; דער וואס שטעלט זיך געגען.

contraven'tion *n.* (קאנ-טרע-וועג'-שאן) דאס שטעלען זיך געגען; דאס איבערטרעטען אדער עובר זיין עפים.

contrayer'va *n.* (קאנ-טרע-יויר'-ווע) א מין שמעקענדער ווארצעל פון צענטראל-אמעריקא, ווערט בענוצט אין מעדיצין אלס א מיטעל פון אויפרעגונג און שטארקונג.

Contrayerva

contre'-dance *n.* (קאנטר'-דענס) א מין פראנצויזישער טאנץ; די מוזיק צו דיזען טאנץ.

contre'temps *n.* (קאנטר'-טאן) אן אונערווארטעטע און אונאנגענעהמע פאסירונג; א בייטונג אין טאקט [אין מוזיק].

contrib'ual *a.* (קאנ-טריב'-יו-על) וואס בעלאנגט צום זעלבען שבט.

contrib'ute *v.* (קאנ-טריב'-יוט) ביישטייערען; מנדב זיין; מיטווירקען.
I shall **contribute** to the funds of my party.

contribu'tion *n.* (קאנ-טרי-ביו'-שאן) 1. ביישטייערונג; נדבה; 2. מיטווירקונג; בייטראג; 3. שטייער; קאנטריבוציע, מס.
1. He sent his **contribution** to the hospital. 2. His book is a **contribution** to science. 3. The conqueror levied a **contribution**.

contribu'tional *a.* (קאנ-טרי-ביו'-שאנ-על) וואס איז שייך צו ביישטייערונג.

contrib'utive *a.* (קאנ-טריב'-יו-טיוו) ביישטייערענד; וואס נעהמט אנטייל; וואס ווירקט מיט.

contrib'utor *n.* (קאנ-טריב'-יו-טאר) א ביישטייערער; א מיטארבייטער אין א צייטונג אדער זשורנאל; דער וואס ווירקט מיט.

contrib'utory *a. and n.* (קאנ-טריב'-יו-טא-רי) וואס נעהמט אנטייל אין עפעס; וואס ווירקט מיט; א מיטווירקער, אן אנטייל-נעהמער; א מיטגליעד פון אן אקציען-געזעלשאפט, וועלכער — לויט דעם ענגלישען געזעץ — איז פערפליכטעט בייצושטייערען אין צאהלונג, אויב די געזעלשאפט באנקראטירט.

con'trite *n. and a.* (קאנ'-טראיט) נידערגעשלאגען דורך געוויסענסביסע; א נידערגעשלאגענער דורך געוויסענסביסע; א בעל-תשובה.

con'tritely *adv.* (קאנ'-טראיט-לי) מיט נידערגעשלאגענקייט; מיט יסורים פון געוויסענסביסע.

con'triteness *n.* (קאנ'-טראיט-נעס) ז. *contrition*

contri'tion *n.* (קאנ-טריש'-אן) נידערגעשלאגענקייט דורך געוויסענסביסע; חרטה אויף זינד.

contrit'urate *v.* (קאנ-טריטש'-יו-רייט) צוזאמענרייבען; איינרייבען אין איינעם.

contri'vable *a.* (קאנ-טראי'-וועבל) וואס קען געפלאנט ווערען; וואס קען ערפונדען ווערען דורך אן איינפאל.

contri'vance *n.* (קאנ-טראי'-ווענס) דאס מאכען א פראיעקט אדער א פלאן; דאס פאלען אויף אן המצאה ווי צו דערגרייכען א געוויסען ציעל; א פלאן, א סכעמע, אן ערפינדונג; אן איינפאל.
This clothes drier is a wonderful **contrivance**.

contrive' *v.* (קאנ-טראיוו') פראיעקטירען, פלאנעווען; ערפינדען; עררייכען דורך קונץ-שטיק.
He **contrived** a way to cross the border.

contri'ver *n.* (קאנ-טראי'-ווער) אן ערפינדער; איינער וואס קלערט אויס פראיעקטען אדער פלאנען; איינער וואס האט איינפעלע אין ערפינדונגען.

control' *n. and v.* (קאנ-טראול') קאנטראלע; אויפזיכט; דאס אכטונג געבען, דאס רעגולירען; קאנטראלירען; אויפזעהען; אויפהאלטען.

control'-exper'iment *n.* (קאנ-טראול'-עקס-פער'-אי-מענט) א קאנטראלירענדער עקספערימענט, אן עקספערימענט וואס מען מאכט פעסטצושטעלען די בעדינגונגען, לויט וועלכע עס דארף געמאכט ווערען אן אנדער עקספערימענט.

controllabil'ity *n.* (קאנ-טראו-לע-ביל'-אי-טי) דאס קענען קאנטראלירט ווערען.

control'lable *a.* (קאנ-טראו'-לעבל) וואס קען זיין אונטער א קאנטראלע אדער אויפזיכט.

control'ler *n.* (קאנ-טראו'-לער) קאנטראלער [א בעאמטער וואס קאנטראלירט די פינאנסען פון א רעגיערונג אדער קארפאראציאן]; הערשער; איינער וואס האט די מאכט צו קאנטראלירען אדער רעגולירען.

control'ler-gen'eral *n.* (קאנ-טראו'-לער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל קאנטראלער [א העכערער בעאמטער, וועלכער האט אויפזיכט איבער געוויסע דעפארטאמענטען פון דער רעגיערונג.

control'lership *n.* (קאנ-טראו'-לער-שיפ) דאס אמט פון א קאנטראלער. ז. *controller*

control'ment *n.* (קאנ-טראול'-מענט) דאס קאנטראלירען; די מאכט צו קאנטראלירען; דאס איינהאלטען.

controver'sial *a.* (קאנ-טרא-וואיר'-שעל) וואס געהערט צו שטרייטיגקייטען אדער ויכוחים; פאלעמיש.
If we wish to live in peace we must eliminate all **controversial** questions from our conversations.

controver'sialist *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-שעל-איסט) איינער וואס פיהרט ויכוחים; א פאלעמיקער.

controver'sially *adv.* (קאנ-טרא-

וואיר'-שעל-אי) אויף א פאלעמישען שטייגער.

con'troversy *n.* (קאנ'-טרא-וואיר-סי) א דיספוט, א שטרייט, א ויכוח; דער קאמפף צווישען ביידע געגנערישע צדדים אין געריכט; די זאך, איבער וועלכער דער שטרייט קומט פאר; די פראגע, איבער וועלכער עס דארף ענטשיעדען ווערען.

controvert' *v.* (קאנ-טרא-וואירט') דיספוטירען, ארויסטרעטען געגען מיט ארגומענטען; בעשטרייטען עפעס דורך דיסקוסיאן.

controver'ter *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-טער) איינער וואס שטרייט געגען אימעצען אדער פיהרט אן א ויכוח; א פאלעמיקער.

controver'tible *a.* (קאנ-טרא-וואיר'-טיבל) וואס קען בעשטריטען ווערען דורך דיסקוסיאן.

controver'tibly *adv.* (קאנ-טרא-וואיר'-טי-בלי) דורך א שטרייט אדער דורך א ויכוח.

controver'tist *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-טיסט) א שטרייטער, א דיספוטאנט, א פאלעמיקער.

contuma'cious *a.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס) איינגעשפארט, עקשנ'דיג; וואס וויל זיך ניט אונטערווארפען דעם געזעץ אדער קאנטראלע; אונגעהארכזאם.

contuma'ciously *adv.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס-לי) איינגעשפארט; איינגע'עקשנ'ט; אונגעהארכזאם.

contuma'ciousness *n.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס-נעס) ז. ***contumacy***

contumac'ity *n.* (קאנ-טיו-מעס'-אי-טי) ז. ***contumacy***

con'tumacy *n.* (קאנ'-טיו-מע-סי) איינגעשפארטקייט, עקשנות; אונגעהארכזאמקייט צו דעם געזעץ אדער בעפעהל פון ריכטער צו ערשיינען אין געריכט.

contume'lious *a.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס) שימפפליך; גראב; אונפערשעהמט; פערעכטליך.

contume'liously *adv.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס-לי) מיט פעראכטונג; מיט חוצפה; אונפערשעמט, גראב.

contume'liousness *n.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס-נעס) גראבקייט; חוצפה; זידלעריי.

con'tumely *n.* (קאנ'-טיו-מי-לי) גראבע רייד; זידלעריי; שימפף=ווערטער.

contuse' *v.* (קאנ-טיוז') צוקוועטשען, מאכען א בייל.

contu'sion *n.* (קאנ-טיו'-זשאן) א צוקוועטשונג; א בייל וואס קומט פון א קלאפ אדער קוועטשונג, וואו די הויט בלייבט גאנץ; דאס צושטויסען אויף פולווער.

contu'sive *a.* (קאנ-טיו'-סיוו) מאכענדיג א בייל; צוקוועטשענדיג.

conun'drum *n.* (קא-נאנ'-דראם) א רעטענעם; א קלאץ=קשיה; א ווארטשפיעל.

co'nus *n.* (קאו'-נאס) ז. ***cone***

convalesce' *v.* (קאנ-ווע-לעס') גענעזען ווערען [נאך א קראנקהייט]; קומען צו זיך.

convales'cence *n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענס) דאס לאנגזאמע צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א שוואכקייט אדער קראנקהייט.

convales'cency *n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענ-סי) ז. ***convalescence***

convales'cent *a. and n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענט) וואס אנבעלאנגט צו דעם לאנגזאמען צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א קראנקהייט; א פאציענט וואס האלט זיך אין ערהאלען נאך א קראנקהייט.

convales'cently *adv.* (קאנ-ווע-לעס'-ענט-לי) צוריקגעווינענדיג די קרעפטען נאך א קראנקהייט.

convec'tion *n.* (קאנ-וועק'-שאן) די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען צוליעב דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט [ווען וואסער צ. ב. ווערט געווארעמט, ווערט בעשאפען דורך דעם א בעוועגונג אדער שטרעמונג פון די לופט אדער וואסער=טיילען. די טיילען, וועלכע זיינען אנגעווארעמט, שפרייטען זיך אויס, זיי ווערען שיטערער און דעריבער לייכטער, זיי שטרעמען אלזא ארויף=צו. די קעלטערע טיילען, וועלכע זיינען שווערער, שטרעמען אראב=צו, אום צו פערנעהמען דעם ארט פון די אנגעווארעמטע טיילען, וועלכע האבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך. עס קומט אלזא פאר א שטראם=בעוועגונג פון די אנגעווארעמטע און פון די קעלטערע טיילען]; די איבערטראגונג, די שטרעמונג פון איין ארט צום צווייטען.

convec'tive *a.* (קאנ-וועק'-טיוו) פערורזאכט דורך דער שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט. ז. ***convection***

convec'tively *adv.* (קאנ-וועק'-טיוו-לי) דורך די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט.

conve'nable *a.* (קאנ-ווי'-נעבל) וואס קען צונויפגערופען אדער פערזאמעלט ווערען.

The meeting adjourned **convenable** at the call of the chairman.

convene' *v.* (קאנ-וויען') צוזאמענרופען; ארויסרופען; זיך פערזאמלען.

conve'ner *n.* (קאנ-ווי'-נער) איינער וואס רופט צוזאמען א פערזאמלונג.

conve'nience *n.* (קאנ-ווי'-ניענס) 1 בעקוועמליכקייט; 2. פאסיגקייט; שיקליכקייט.

1. The house has many **conveniences.** 2. I am ready to call at your **convenience.**

conve'niency *n.* (קאנ-ווי'-ניען-סי) ז. ***convenience***

conve'nient *a.* (קאנ-ווי'-ניענט) בעקוועם; פאסיג; וואס איז צו דער האנד.

conve'niently *adv.* (קאנ-ווי'-ניענט-לי) פאסיג; בעקוועם; אהן שוועריגקייט, מיט לייכטקייט.

conve'nient speed (קאנ-ווי'-ניענט ספיעד) די מעגליכסטע שנעלקייט.

con'vent *n.* (קאנ'-ווענט) א מאנאסטיר; א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'tical *a.* (קאנ-ווענ'-טי-קעל) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר אדער צו א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'ticle *n.* (קאנ-ווענ'-טיקל) א פערזאמלונג [הויפטזעכליך א געהיימע פערבאטענע צוזאמענקונפט פאר רעליגיעזע צוועקען]; אין דער ענגלישער געשיכטע — א רעליגיעזע פערזאמלונג פון די וואס האבען ניט איינגעשטימט מיט דער ענגלישער אפיציעלער קירך; א געביידע פאר רעליגיעזע פערזאמלונגען.

conven'ticler *n.* (קאנ-ווענ'-טי-קלער) איינער וואס נעהמט אנטייל אדער שטיצט א געהיימע רעליגיעזע פערזאמלונג; א מיטגליעד פון א געוויסער שאטלענדישער רעליגיעזער סעקטע.

conven'tion *n.* (קאנ-ווענ'-שאן) קאנווענציאן; דאס צוזאמענקומען; א צוזאמענקונפט; אויסגלייך; אבמאך; פעראייניגונג; איבעראיינשטימונג [אלס א גרונד פאר א מנהג, אינסטיטוציאן א. ד. ג.]; א קאנווענציאן.

conven'tional *a.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאנווענציאן אדער אבמאך; וואס איז קאנווענציאנעל, אלגעמיין אנגענומען; וואס איז גענייגט זיך צו האלטען אן אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

What is **conventional** is not necessarily good.

conven'tionalise *v.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על-איז). ז. ***conventionalize***

conven'tionalism *n.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על-איזם) קאנווענציאנאליזם, די אנהענגליכקייט צו אלעם וואס איז אלגעמיין אנגענומען; פארמאליזם; אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

conven'tionalist *n.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על-איסט) א קאנווענציאנאליסט, איינער וואס איז אן אנהענגער פון דעם אלגעמיין אנגענומענעם; א פארמאליסט; איינער וואס שליסט אן אבמאך.

conventional'ity *n.* (קאנ-ווענ-שאנ-על'-אי-טי) קאנווענציאנאליטעט; אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט; קינסטליכקייט [וואס איז ניט נאטירליך].

conventionaliza'tion *n.* (קאנ-ווענ-שאנ-על-אי-זיי'-שאן) דאס וואס שטאמט פון דער נייגונג צו זיין קאנווענציאנעל, זיך צו האלטען אן דעם אלגעמיין=אנגענומענעם.

conven'tionalize *v.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על-איז) מאכען עטוואס קאנווענציאנעל; בריינגען אונטער דעם איינפלוס פון דאס קאנווענציאנעלע; טהון עטוואס אויף'ן אלגעמיין=אנגענומענעם שטייגער.

conven'tionally *adv.* (קאנ-ווענ'-שאנ-על-אי) לויט קאנווענציאנאליטעט; לויט מנהג, ווי אלגעמיין=אנגענומען.

conven'tionary *a.* (קאנ-ווענ'-שאנ-ע-רי) האנדלענד אונטער אן אבמאך; וואס איז אבגעשלאסען געווארען דורך אן אבמאך.

conven'tioner *n.* (קאנ-ווענ'-שאנ-ער) א מיטגליעד פון א קאנווענציאן.

conven'tions of soci'ety (קאנ-ווענ'-שאנז אוו סא-סאי'-ע-טי) אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט.

A cultured man must not act contrary to the **conventions of society.**

conven'tion trea'ty (קאנ-ווענ'-שאן טרי'-טי) אן אבמאך צווישען שטאאטען.

conven'tual *n. and a.* (קאנ-ווענ'-טשו-על) וואס געהערט צו א מאנאסטיר; א מאנאך; א מאנאשקע.

converge' *v.* (קאנ-וואירדזש') האבען א נייגונג זיך צוזאמענצולויפען אין איין פונקט; בריינגען נאהענט, צונויפברייגגען שטופענווייז אין איין פונקט; פיהרען צו אן אלגעמיינעם רעזולטאט, צו אן אלגעמיינעם שלום.

All the avenues **converge** toward the City Hall.

conver'gence *n.* (קאנ-וואיר'-דזשענס) די שטופענווייזע דערנעהנטערונג צו איין

פונקט; דאס בעגעגענען זיך אין איין פונקט.

conver′gency *n.* (קאנ-וואיר′-דזשענ-סי) ז. *convergence*

conver′gent *n. and a.* (קאנ-וואיר′-דזשענט) וואס האט א נייגונג זיך צוזאמענצוקומען אדער וואס קומט זיך צוזאמען אין איין פונקט; פיהרענדיג צו אן אלגעמיינעם רעזולטאט אדער שלום; אן אונענדליכע דעצימאל ברוך=צאהל [ווי 1:3=.3333...]

conver′ging *a.* (קאנ-וואיר′-דזשינג) וואס דערנעהנטערט זיך שטופענווייז; וואס האט די נייגונג זיך צוזאמענצוקומען אויף איין פונקט.

conver′sable *a.* (קאנ-וואיר′-סעבל) וואס איז געניינט, וואס קען פיהרען א געשפרעך; בערעדזאם, בערעדעוודיג, געזעליג.

conver′sableness *n.* (קאנ-וואיר′-סעבל-נעס) בערעדזאמקייט, בערעדעוודיגקייט, געזעליגקייט.

conver′sably *adv.* (קאנ-וואיר′-סע-בלי) אויף א בערעדעוודיגען אדער פאמיליארען שטייגער; מיט געזעליגקייט.

con′versant *a.* (קאנ′-וואיר-סענט) וואס איז בעקאנט מיט...; וואס פערקעהרט מיט...; וואס איז נאהענט מיט...; ערפאהרען; וואס האט א שייכות צו...; וואס בעשעפטיגט זיך אדער אינטערעסירט זיך מיט...; פערטרויט.

con′versantly *adv.* (קאנ′-וואיר-סענט-לי) אויף א פערטרויטען, פאמיליארען שטייגער.

conversa′tion *n.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאן) א געשפרעך; א פערטרויליכע אונטערהאלטונג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; א געזעלשאפטליכע צוזאמענקונפט [הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו בעשפרעכען ליטעראטור און קונסט=פראגען].

conversa′tional *a.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-על) וואס געהערט צו א געשפרעך; אונטערהאלטענד, געזעליג.

conversa′tional gram′mar (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-על גרעמ′-ער) א גראמאטיק צום לערנען ריידען.

conversa′tionalist *n.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-על-איסט) איינער וואס האט טאלענט צו פיהרען אן אונטערהאלטונגס=געשפרעך.

conversa′tionally *adv.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-על-אי) דורך שמועסען; אויף אן אונטערהאלטענדען אופן; מיט געזעליגקייט.

conversa′tional tal′ents (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-על טעל′-ענטס) אונטערהאלטונגס=טאלאנט [די פעהיגקייט צו אונטערהאלטען מיט אינטערעסאנטע געשפרעכען].

conversa′tionism *n.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-איזם) א ווארט אדער א פראזע, וואס ווערט געוועהנליך געברויכט אין א פערטרויליכען געשפרעך.

conversa′tionist *n.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאנ-איסט) ז. *conversationalist*

conversa′tion-tube *n.* (קאנ-וואיר-סיי′-שאן-טיוב) א שפרעך=רעהר, וואס ווערט געברויכט ווען מען רעדט מיט טויבע.

conversazio′ne *n.* (קאנ-ווער-סעט-סי-או′-נע) א געזעלשאפטליכע צוזאמענקונפט [הויפטזעכליך צו בעשפרעכען ליטעראטור און קונסט=פראגען].

con′verse *n. and a.* (קאנ′-וואירס) א געשפרעך; אונטעררעדונג; אומגאנג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; דאס געגענטייל; אן אומגעקעהרטער זאץ [למשל יעדע פון די זעצע: „נעגערס זיינען שווארץ" און „שווארצע מענשען זיינען נעגערס" זיינען אומגעקעהרט אין בעצוג פון איינעם צום צווייטען]; אומגעקעהרט; אומגעענדערט; געגענזייטיג.

converse′ *v.* (קאנ-וואירס′) פיהרען א געשפרעך; האבען אן אונטעררעדונג; האבען אומגאנג, פערקעהרען.

con′versely *adv.* (קאנ′-וואירס-לי) אויף א פערקעהרטען אופן.

conver′ser *n.* (קאנ-וואיר′-סער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א געשפרעך.

conver′sible *a.* (קאנ-וואיר′-סיבל) וואס קען אומגעענדערט ווערען, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין דעם געגענזאץ.

conver′sing *n.* (קאנ-וואיר′-סינג) א געשפרעך; פערקעהר.

conver′sion *n.* (קאנ-וואיר′-שאן) אומענדערונג; אומוואנדלונג; דער איבערגאנג פון איין רעליגיאן אדער פארטיי צו א צווייטער; דאס תשובה=טהאן; אין לאגיק — די אומקעהרונג פון א זאץ [ווי למשל: פערוואנדלען דעם זאץ "נעגערס זיינען שווארץ" אין — "שווארצע מענשען זיינען נעגערס"]; אין מיליטער — אומקעהרען דעם פראנט; דאס פערכאפען פרעמד אייגענטום.

convert′ *v.* (קאנ-וואירט′) אומקעהרען, אומענדערען, אומוואנדלען; בעקעהרען צו אן אנדער גלויבען; פערווענדען [פאר א נייעם געברויך]; אונגעזעצליך פערכאפען פרעמד אייגענטום; אומקעהרען א זאץ [אין לאגיק]; ברייננגען דערצו, אז איינער זאל אנהויבען תשובה צו טהאן.

con′vert *n.* (קאנ′-וואירט) איינער וואס בייט זיין רעליגיאן אדער זיינע פרינציפען; א בעל=תשובה.

conver′ter *n.* (קאנ-וואיר′-טער) איינער וואס בעקעהרט אימעצען צו זיין גלויבען; א מאשין, דורך וועלכער מען ענדערט די פארמע פון מעטאלען.

convertibil′ity *n.* (קאנ-וואיר-טי-ביל′-אי-טי) די פעהיגקייט צו ווערען אומגעענדערט, אומגעוואנדעלט, אומגעביטען.

conver′tible *a.* (קאנ-וואיר′-טיבל) וואס קען אומגעוואנדעלט, אומגעביטען, איבערגעענדערט ווערען; וואס קען אנגעווענדעט ווערען פאר א נייעם געברויך; וואס קען בעקעהרט ווערען.

conver′tible bonds (קאנ-וואיר′-טיבל באנדז) א שולד=צעטעל וואס אן אקציען=קאמפאניע גיט ארויס אויף א חוב, מיט דער בעדינגונג, אז ווען דער אייגענטימער פון דיעזען צעטעל וויל, קען ער בעקומען אקציעס פון דער קאמפאניע פאר דער סומע געלד וואס איהם קומט.

conver′tibleness *n.* (קאנ-וואיר′-טיבל-נעס) ז. *convertibility*

conver′tible sys′tem (קאנ-וואיר′-טיבל סיס′-טעם) די וועקסעל=סיסטעם [אין לאנד=ווירטהשאפט].

conver′tible terms (קאנ-וואיר′-טיבל טוירמז) פאלשטענדיג עהנליכע אין בעדייטונג אויסדריקע; סינאנימען.

conver′tibly *adv.* (קאנ-וואיר′-טי-בלי) אויף א געגענזייטיגען אופן; דורך אומענדערונג, אומוואנדלונג, אומבייטונג.

conver′tor *n.* (קאנ-וואיר′-טאר) אן עלעקטרישער אפאראט וואס פערוואנדעלט עלעקטריציטעט פון הויכע שפאנונג [וואלט] צו נידריגע.

con′vex *n. and a.* (קאנ′-וועקס) קאנוועקס, רונד אויסגעבויגען נאך אויסען; א פלעכע וואס איז רונד אויסגעבויגען נאך אויסען.

con′vexed *a.* (קאנ′-וועקסט) וואס איז געמאכט קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאך אויסען].

convex′edly *adv.* (קאנ-וועקס′-עד-לי) אויף א קאנוועקסען אופן.

convex′edness *n.* (קאנ-וועקס′-עד-נעס) דאס זיין קאנוועקס.

convex′ity *n.* (קאנ-וועקס′-אי-טי) דאס זיין קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען פון אויסענוועניג].

con′vexly *adv.* (קאנ′-וועקס-לי) אין א קאנוועקסער פארם [רונד אויסגעבויגען פון אויסענוועניג].

con′vexness *n.* (קאנ′-וועקס-נעס) ז. *convexity*

convex′o-con′cave *a.* (קאנ-וועקס′-או-קאנ′-קייוו) פון איין זייט קאנוועקס און פון דער אנדערער זייט קאנקאוו [פון איין זייט רונד אויסגעבויגען פון אויסוועניג און פון דער אנדערער זייט רונד אויסגעבויגען פון אינוועניג].

convex′o-con′vex *a.* (קאנ-וועקס′-או-קאנ′-וועקס) פון ביידע זייטען קאנוועקס.

convex′o-plane *a.* (קאנ-וועקס′-או-פליין) פון איין זייט קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאך אויסוועניג] און פון דער אנדערער זייט פלאך.

convey′ *v.* (קאנ-וויי′) 1. טראגען; אי⸗בערטראגען, איבערגעבען; 2. ארויסזאגען, אויסדריקען.

1. The steamer **conveyed** the dead body of the admiral. 2. Please **convey** my best wishes to your wife.

convey′able *a.* (קאנ-וויי′-עבל) וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען.

convey′ a mea′ning (קאנ-וויי′ ע מיע′-נינג) אויסדריקען, בעדייטען.

The sentence as written **conveys** a different **meaning** than the author intended.

convey′ance *n.* (קאנ-וויי′-ענס) דאס איבערטראגען, דאס טראנספארטירען אדער איבערפיהרען פון איין ארט אויף דעם אנדערען; דאס איבערטראגען דאס רעכט אויף אייגענטום פון איין פערזאן צום אנדערען; טראנספארטאציאנס=מיטעל [וועגען אדער באהנען וואס טראנספארטירען מענשען אדער סחורה].

convey′ancer *n.* (קאנ-וויי′-ענ-סער) איינער וואס טראגט איבער דאס רעכט אויף אייגענטום פון איין פערזאן צו אן אנדערען.

convey′ancing *n.* (קאנ-וויי′-ענ-סינג) דאס אויסשטעלען געזעצליכע פאפיערען וועגען איבערטראגען דאס רעכט אויף אייגענטום פון איין פערזאן צום אנדערען; געזעצען בנוגע דאס רעכט אויף אייגענטום.

convey′er *n.* (קאנ-וויי′-ער) א טראנספארטירער [איינער וואס שיקט איבער סחורות אדער זאכען פון ארט צו ארט]; א געצייג אדער אנדערער מיטעל צו איבעטראגען זאכען פון ארט צו ארט.

convey′ one's self (קאנ-וויי′ הוואנז סעלף) זיך בעגעבען [געהן ערגעץ וואו].

convey′or *n.* (קאנ-וויי′-אר) ז. *conveyer*

convict′ *v.* (קאנ-וויקט′) געזעצליך ערקלערען אלס שולדיג אין א פערברעכען; איבערציינגען די שולד אדער די זינד פון אימעצען.

con′vict *n.* (קאנ′-וויקט) איינער וואס איז פון געזעץ געפונען געווארען שולדיג אין א פערברעכען; א פעראורטיילטער.

con'vict col'onies (קאנ'-וויקט קאל'-א-ניעז) קאלאניעז וואוהין מען שיקט פער־אורטיילטע פערברעכער.

convic'tion *n.* (קאנ-וויק'-שאן) .1 אי־בערצייגונג: דאס זיין איבערצייגט; דאס גלויבען אין א זאך אויף'ן גרונד פון אי־בערצייגענדע ראיות; .2 פעראורטיילונג; דאס ערקלערען געזעצליך שולדיג אין א פערברעכען; דאס זיין ערקלערט שולדיג.

1. A man of convictions will never recede from his opinion. 2. After his conviction he was sent to prison.

convince' *v.* (קאנ-ווינס') איבערצייגען.

convince'ment *n.* (קאנ-ווינס'-מענט) איבערצייגונג.

convin'cer *n.* (קאנ-ווינ'-סער) דאס וואס איז איבערצייגענד; איינער וואס קען איבערצייגען.

convin'cible *a.* (קאנ-ווינ'-סיבל) וואס קען איבערצייגט ווערען.

convin'cingly *adv.* (קאנ-ווינ'-סינג-לי) איבערצייגענד.

convin'cingness *n.* (קאנ-ווינ'-סינג-נעס) די איבערצייגונגס־קראפט.

con'vive *n.* (קאנ'-וואיוו) א גוט־ברודער; א גאסט צו א סעודה, אן אורח ביים טיש.

conviv'ial *a.* (קאנ-וויוו'-אי-על) וואס געהערט צו א שמחה; יום־טוב'דיג, פרעה־ליך, מונטער.

conviv'ialist *n.* (קאנ-וויוו'-אי-על-איסט) איינער וואס איז פרעהליך און אונטערהאלטענד אויף א שמחה.

convivial'ity *n.* (קאנ-וויוו-אי-על'-אי-טי) פרעהליכקייט אין אונטערהאל־טונג; גוט־ברודערשאפט.

conviv'ially *adv.* (קאנ-וויוו'-אי-על-אי) פרעהליך, מונטער, יום־טוב'דיג.

convoca'tion *n.* (קאנ-וואָ-קיי'-שאן) פערזאמלונג; דאס צוזאמענקומען אויף אדער צונויפרופען א פערזאמלונג; די פערזאמלונג פון גייסטליכע פון דער אנ־גליקאנישער קירך וועגען קירכליכע ענינים.

convoke' *v.* (קאנ-וואוק') צוזאמענרופען אויף א פערזאמלונג; איינקריגען אין די אייגענע הענד; איינבעקומען אונטער דער אייגענער מאכט.

con'volute *n. and a.* (קאנ'-וואָ-ליוט) צוזאמענגעראָלט אדער צונויפגעוויקעלט; עפיס וואס איז צונויפגעוויקעלט.

con'voluted *a.* (קאנ'-וואָ-ליו-טעד) צוזאמענגעראָלט, צונויפגעוויקעלט.

convolu'tion *n.* (קאנ-וואָ-ליו'-שאן) דאס זיין צונויפגעוויקעלט אדער צונויפ־געראָלט; דאס צונויפראָלען אדער צו־נויפוויקלען; דאס דרעהען זיך ארום און ארום, ווי א ספּיראל.

con'volutive *a.* (קאנ'-וואָ-ליו-טיוו) ז. *convoluted*

convolve' *v.* (קאנ-וואָלוו') צוזאמענ־ראָלען; צונויפוויקלען.

convol'vulus *n.* (קאנ-וואָל'-וויו-לאס) די ווינדע אדער די ווינע [א מין פלאנ־צע].

convoy' *v.* (קאנ-וואָי') קאנוואָאירען, בעגלייטען אויף'ן וועג כדי צו בעשיצען [ווי קריעגס־שיפען קאנוואָאירען א טראנספּארט־שיף, אדער סאלדאטען קאנ־וואָאירען פראכט־צוגען]; בעגלייטען אלס א וועג־ווייזער אדער שיצער.

con'voy *n.* (קאנ'-וואָי) א קאנוואָי, א שוץ־בעגלייטער; עפעס וואס ווערט געפיהרט אונטער שוץ־בעגלייטונג; דאס קאנוואָאי־רען; דאס זיין בעגלייטעט פון א שיצענ־דע קראפט.

convulse' *v.* (קאנ-וואלס') טרייסלען; ערשיטערען; קרעמפּען; אריינברענגען אין קאנוואולסיעז.

convul'sion *n.* (קאנ-וואל'-שאן) ערשי־טערונג; קראמפּף; קאנוואולסיע; אין גע־אלאגיע — א קאטאקליזם אדער קא־טאסטראפע, א פלוצליכע ענדערונג אין דער פארמע פון דער ערד.

convul'sionary *a.* (קאנ-וואל'-שאנ-א-רי) קראמפּפהאפט; וואס פעראורזאכט קראמפּף; איינער וואס ליידט פון קאנ־וואולסיאנס־קראנקהייטען.

convul'sion fit (קאנ-וואל'-שאן פיט) דאס קרעמפּפען, אנפאל פון קראמפּף.

convul'sions of laugh'ter (קאנ-וואל'-שאנז אוו לאפ'-טער) דאס קייקלען זיך פון געלעכטער, דאס פלאצען פון גע־לעכטער.

convul'sive *a.* (קאנ-וואל'-סיוו) קרעמפּ־פיג, קראמפּפהאפט.

convul'sively *adv.* (קאנ-וואל'-סיוו-לי) מיט קאנוואולסיעז, קראמפּפהאפטיג.

convul'siveness *n.* (קאנ-וואל'-סיוו-נעס) קראמפּפהאפטיגקייט.

co'ny *n.* (קאו'-ני) א קראליק; די פעל פון א קראליק.

co'ny-bur'row *n.* (קאו'-ני-באר'-או) די נארע אדער דאס לאך פון א קראליק.

coo *v. and n.* (קוה) א קול ארויסגעבען ווי א טויב; רעדען צערטליך, ווייך און ליעבליך; דאס ווארקען פון א טויב.

cooc'cupant *a.* (קאו-אק'-יו-פענט) וואס פערנעהמען אדער בעזיצען צוזאמען.

coo'er *n.* (קוה'-ער) א טויב; איינער וואס רעדט צערטליך און ליעבליך; איי־נער וואס צערטעלט מיט ליעבעס־ווערטער.

coo'ing *n.* (קוה'-אינג) דאס ווארקען פון א טויב.

coo'ingly *adv.* (קוה'-אינג-לי) ווארקענ־דיג ווי א טויב.

cook *n. and v.* (קוק) א קוכער, א קעכין; קאכען; נארען, פעלשען, שווינדלען.

cook'-book *n.* (קוק'-בוק) א קאך־בוך.

cook'er *n.* (קוק'-ער) אן אויוועלע צוזא־מען מיט א קעסעל צום קאכען.

cook'ery *n.* (קוק'-ע-רי) די קאך־קונסט; א קיך.

cook'ie *n.* (קוק'-אי) קליינע קוכענס.

cook'ing-stove *n.* (קוק'-אינג-סטאוו) א קאך־אויווען.

cook'ing-range *n.* (קוק'-אינג-ריינדזש) ז. *cooking-stove*

cook'ish *a.* (קוק'-איש) ווי א קוכער.

cook'-maid *n.* (קוק'-מייד) א קעכין.

cook'-room *n.* (קוק'-רוהם) א קיך.

cook'-shop *n.* (קוק'-שאפּ) א קיך; א שיפס־קיך.

cook's mate (קוקס מייט) א געהילף ביי א קוכער.

cook some one's goose (קוק סאם הוואנז גוהס) אנמאכען איינעם געברענטע צרות.

cook'y *n.* (קוק'-אי) ז. *cookie*

cool *a., n. and v.* (קוהל) קיהל; קאלט־בלוטיג; אונפריינדליך, קאלט; קיהלקייט; קיהלען; ערפרישען; זיך אבקיהלען.

cool as a cu'cumber (קוהל עז ע קיו'-קאמ-בער) קיהל, קאלטבלוטיג; וואס קען זיך בעהערשען.

cool'-cup *n.* (קוהל'-קאפּ) א קאלטער גע־טראנק.

coo'ler *n.* (קוה'-לער) א קיהלונגס־מי־טעל; א קיהלונגס־אפּאראט; א תפיסה [אין דער גנבים־שפּראך].

cool fish (קוהל פיש) א קאלטער לונג און לעבער.

cool'-head'ed *a.* (קוהל'-העד'-עד) קאלטבלוטיג, איבערלעגט.

coo'lie *n. and a.* (קוה'-לי) א קולי [אן אזיאטישער פּראסטער ארבייטער; אין אמעריקא — א כינעזישער ארבייטער, איבערהויפּט א קאנטראקט־ארבייטער]; וואס אנבעלאנגט צו א קולי.

coo'ling card (קוה'-לינג קארד) א שלעכטע קארט.

coo'ling-ov'en *n.* (קוה'-לינג-אוון) א קיהל־אויווען.

coo'ling-vat *n.* (קוה'-לינג-וועט) א קיהל־פאס.

cool'ish *a.* (קוהל'-איש) עטוואס קיהל.

cool'ly *adv.* (קוהל'-אי) קיהלענ־דיג; אויף א קיהלען אופן; מיט איבערלעגונג; אויף א קאלטבלוטיגען שטייגער; מיט גלייכגילטיגקייט; אויף אן אונפריינדליכען, קאל־טען שטייגער.

cool'ness *n.* (קוהל'-נעס) קיהלקייט; קאלטבלוטיגקייט; אבגעפרעמדקייט.

People noticed that a coolness had existed between us for some time.

cool one's heels (קוהל הוואנז היעלז) לאזען ווארטען.

coo'ly *n.* (קוה'-לי) ז. *coolie*

coom *n.* (קוהם) די אויסגענוצ־טע וואגען־שמירעכץ, וואס דרעהט זיך ארויס פון דער לאך פון א ראד; אפּיל־קעס, זעגעל שפּענער; זעג־שטויב; אן אל־טע ענגלישע מאס פון פיער בושעל.

coon *n. and v.* (קוהן) דער וואש־בער, שופּ, יענאט [אזא חיה'לע]; א כיטרער מענש; קריכען ווי א וואש־בער אויף א בוים; א נעגער.

coon'-bear *n.* (קוהן'-בעהר) אזא בער־עהנליכע חיה אין די בערג פון טיבעט.

coon's age (קוהנז איידזש) א לאנגע צייט; אן אייביגקייט.

coop *n. and v.* (קוהפּ) א שטייג פאר געפליגעל; אן ענגער פּלאץ; א געוויסע האלענדישע מעסטעל; א פעסעל; איינ־שפּארען אין א שטייג אדער בכלל אין אן ענגען פּלאץ.

coopee' *n.* (קוה-פּי') א מין בעוועגונג אין טאנצען.

coo'per *n. and v.* (קוה'-פּער) א באנ־דער [איינער וואס מאכט פעסער]; אזא ענגלישער ביער; מאכען אדער פּעררי־כטען פעסלעך; פּערדארבען, פעלשען.

coo'perage *n.* (קוה'-פּער-עדזש) די ווערקשטאט פון א באנדער; דער פּרייז פאר באנדער־ארבייט; באנדער־ארבייט.

coop'erant *n. and a.* (קא-אפּ'-ע-רענט) מיטווירקענד; איינער אדער עפּעס וואס ווירקט צוזאמען מיט אנדערע.

coop'erate *v.* (קא-אפּ'-ע-רייט) מיט־ווירקען.

coopera'tion *n.* (קא-אפּ-ע-ריי'-שאן) מיטווירקונג; א קאאפּעראציאן, א גע־נאסענשאפט.

coopera'tionist *n.* (קא-אפּ-ע-ריי'-שאנ-איסט) א מיטגליעד פון א קאאפּע־ראטיווער געזעלשאפט אדער גענאסענ־שאפט.

coop'erative *a.* (קא-אפּ'-ע-ריי-טיוו) מיטווירקענד, ארבייטענדיג צוזאמען פאר א געמיינשאפטליכען צוועק.

coop'erative soci'ety (קא-אפּ'-ע-ריי-טיוו סא-סאי'-ע-טי) א קאאפּעראטי־ווע געזעלשאפט [א געזעלשאפט פאר

בשותפות'ע פראדוקציאן אדער פאר בשותפות'ען פערקויף].

coop'erator *n.* (קא-אפ'-ע-ריי-טאר) א מיטווירקער; א מיטארבייטער; א מיטגליעד פון א קאאפעראטיווער געזעלשאפט.

coo'pering *n.* (קוה'-פער-אינג) באנדע-ריי.

coo'pery *n.* (קוה'-פער-אי) באנדעריי; כלים וואס ווערען געמאכט פון א באנדער.

coopt' *v.* (קא-אפט') קאאפטירען; אויפנעהמען אלס מיטגליעד דורך וואהל, וועהלען, אויסוועהלען, הויפטזעכליך צוואוועהלען נייע מיטגליעדער צו א קאמיטעט, געזעלשאפט א. ד. ג. דורך די מיטגליעדער גופא.

coop'tate *v.* (קא-אפ'-טייט) ז. *coopt*

coopta'tion *n.* (קאו-אפ-טיי'-שאן) אן אויסוועהל; וואהל, געמיינזאמער אויסוואהל, הויפטזעכליך א צוואוואהל פון נייע מיטגליעדער פון א געזעלשאפט, קאמיטעט א. ד. ג. דורך די מיטגליעדער גופא.

coo'rash *n.* (קוה'-ראש) א מין שמאר-צונג וואס קומט פון אונריינקייט [די קראנקהייט איז פערשפרייט צווישען די נידריגע קלאסען אין אפריקא].

coordain' *v.* (קאו-אר-דיין') קאארדי-נירען, בעשטימען פאר עפעס צוזאמען מיט אנדערע.

coor'dinal *a.* (קא-אר'-די-נעל) וואס זיינען פון דערזעלבער קלאסען-אבטיילונג [וועגען חיות אדער פלאנצען].

coor'dinate *n., a. and v.* (קא-אר'-די-נייט) גלייכשטעלען מיט אנדערע אין אמט, ראנג א. ד. ג.; בריינגען אין ריכ-טיגער ארדנונג; הארמאניש פעראייניגען; וואס איז גלייך אין ווערטה, בעדייטונג, ראנג א. ד. ג.; עטוואס וואס איז פון דעמזעלבען קלאס, פון דערזעלבער וויכ-טיגקייט, פון דעמזעלבען ראנג מיט אנ-דערע.

coor'dinately *adv.* (קא-אר'-די-נייט-לי) אין דעמזעלבען ראנג; אין א גליי-כער מאס; פון דערזעלבער בעדייטונג און וויכטיגקייט.

coor'dinateness *n.* (קא-אר'-די-נייט-נעס) דאס זיין גלייכגעשטעלט אין אמט, ראנג, בעדייטונג א. ד. ג.

coordina'tion *n.* (קא-אר-די-ניי'-שאן) די גלייכשטעלונג אין אמט, ראנג, בעדיי-טונג א. ד. ג.

coor'dinative *a.* (קא-אר'-די-ניי-טיוו) וואס דריקט אויס גלייכקייט אין ראנג, אמט א. ד. ג.

coordina'tory *a.* (קא-אר'-די-ניי-טא-רי) וואס איז שייך אדער וואס העלפט צו דער גלייכשטעלונג אין אמט, ראנג, בעדייטונג א. ד. ג.

coot *n.* (קוהט) [א מין די וואסער-הוהן וואסער-פויגעל]; א גולם, א נאר.



Coot

coo'ter *n.* (קוה'-טער) א מין טורטעל-טויב.

cop *n. and v.* (קאפ) דער שפיץ אדער קאפ פון עפעס; א טשוב אויף א פויגעלס קאפ; אזא שפולע אויף וועלכע מען וויקעלט אן זייד; א קנויל פאדים אין דער פארם פון א קאנוס, וועלכער ווערט אנגע-וויקעלט פון א שפינערייי-מאשין; א פאלי-ציסט; ארעסטירען.

copai'ba *n.* (קא-פיי'-בא) (קאפייווא-באלזאם [אזא באלזאם-זאפט וואס ווערט גענומען פון געוויסע פלאנצען (ער האט א שטארקען אייגענארטיגען אראמאט און א שארף ביטערליכען געשמאק. ווערט בע-נוצט אין דער מעדיצין)].

copai'va *n.* (קא-פיי'-ווא) ז. *copaiba*

copai'vic *a.* (קא-פיי'-וויק) וואס איז שייך צו קאפייווא-באלזאם. ז. *copaiba*

co'pal *n.* (קאו'-פעל) [א קאפאל דער הארטער פעך וואס ווערט ארויסגע-געבען פון פערשידענע טראפישע בוי-מער. ווערט בענוצט אין דער פאבריקא-ציאן פון לאק].

co'pal-tree *n.* (קאו'-פעל-טריע) דער קאפאל-בוים [דער בוים פון וועלכען עס ווערט גענומען דער קאפאל-פעך].

copar'cenary *n.* (קא-פאר'-סע-נע-רי) די מיט-ערבשאפט [דאס זיין א מיט-יורש].

copar'cener *n.* (קא-פאר'-סע-נער) א מיט-יורש.

copar'ceny *n.* (קא-פאר'-סע-ני) א גלייכער חלק אין א ירושה.

copart'ner *n.* (קא-פארט'-נער) א טייל-האבער; א שותף.

copart'nership *n.* (קא-פארט'-נער-שיפ) שותפות.

copart'nery *n.* (קא-פארט'-נער-אי) א קאנטראקט וועגען שותפות.

copay'va *n.* (קא-פיי'-ווא) ז. *copaiba*

cope *n. and v.* (קאופ) 1. א פריסטער-מאנטעל; 2. א קאפ-בעדעקונג; עפעס וואס איז אויסגעשפרייט איבער'ן קאפ [ווי א דאך, א געוועלב, דער הימעל א. ז. וו.]; 3. אנטהאן א פריסטער-מאנטעל; 4. אויסשפרייטען א געוועלב, בעדעקען מיט א געוועלב; 5. בייקומען.

5. I can not **cope** with this difficulty.

Cope

co'peck *n.* (קאו'-פעק) [א קאפיקע א קליינע רוסישע קופערנע מטבע, וואס איז א הונדערט חלק פון א רובעל און האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר א האלבען אמעריקאנער סענט].

Coper'nican *n. and a.* (קא-פער'-ני-קען) וואס איז שייך צו דער לעהרע פון דעם בעריהמטען אסטראנאם קאפערניקוס אדער צו זיין לעהרע, לויט וועלכער די ערד דרעהט זיך ארום דער זון [האט גע-לעבט פון יאהר 1473 ביז 1543]; אן אנ-הענגער פון קאפערניקוס לעהרע.

cope'stone *n.* (קאופ'-סטאון) א געזימס-שטיין.

copho'sis *n.* (קא-פאו'-סיס) טויבקייט.

cop'ier *n.* (קאפ'-אי-ער) אן איבערשריי-בער; א קאפירער; א נאכטהוער.

co'ping *n.* (קאו'-פינג) א געזימס פון א וואנד, אן אבדאך פון א וואנד.

co'pious *a.* (קאו'-פי-אס) פול; צאהל-רייך, א סך; איבערגענוג; מיט א גרויסער שפע.

The students took **copious** notes of the lecture.

co'piously *adv.* (קאו'-פי-אס-לי) בשפע; איבערגענוג; מיט א פולער אדער צאהלרייכער מאס.

co'piousness *n.* (קאו'-פי-אס-נעס) פולקייט; שפע; א צאהלרייכע מאס, אן איבערפילטע מאס.

copla'nar *a.* (קאו-פליי'-נאר) וואס ליענט אין דערזעלביגער פלעכע.

cop'land *n.* (קאפ'-לענד) דאס שפיץ-לאנד [א שטיק לאנד וואס האט די פארם פון א שפיציגען ווינקעל].

copo'lar *a.* (קאו-פאו'-לאר) וואס האט דעמזעלבינען פאל [א מאטעמאטישער אויסדרוק].

copop'sia *n.* (קא-פאפ'-סי-א) אן אב-שוואכונג פון דער זעהונגס-קראפט, א שוואכע ראיה.

coppé' *a.* (קא-פיי') מיט א פערריסענעם קאפ [וועגען הערבען-צייכנונגען].

copped *a.* (קאופט) אנגעטהאן אין א פריסטער-מאנטעל; בעדעקט מיט א דאך אדער געוועלב. ז. *cope*

copped *a.* (קאפט) שפיציג, וואס האט די פארמע פון א קאנוס.

cop'pel *n.* (קאפ'-על) א שמעלץ-טאפ; א טיגעל.

cop'per *n., a. and v.* (קאפ'-ער) קו-פער; א גרויסער קופערנער קעסעל; דער פערדייאונגס-אפאראט [דער מאגען]; א קופערנע פלאטע; א קליינע קופערנע מטבע; אזא ראלע צום אויפוויקלען דראט; א שמעטערלינג פון קופער-פארב; וואס איז עהנליך צו קופער; וואס איז פון קו-פער; בעדעקען מיט קופער.

cop'peras *n.* (קאפ'-ע-רעס) אייזען-זולפאט, גרינער וויטריאל [אזא כעמי-שער שטאף. ווערט בענוצט אין דער מעדי-צין, אין פאטאגראפיע, אין פארבען א. ז. וו.].

cop'perbelly *n.* (קאפ'-ער-בעל-אי) געוויסע ניט-גיפטיגע אמעריקאנער שלאנג וואס האט א קופער-פארביגען בויך.

cop'per-bit *n.* (קאפ'-ער-ביט) א לייט-אייזען מיט א קופערנעם ענד.

cop'per-bot'tomed *a.* (קאפ'-ער-באט'-אמד) מיט א קופערנעם דעק; מיט א קופער-בעדעקטען דעק.

cop'per brown (קאפ'-ער בראון) קו-פער-ברוין. ז. איל. *"Colors"*

cop'per-cap'tain *n.* (קאפ'-ער-קעפ'-טען) איינער וואס רופט זיך מיט'ן נא-מען קאפיטאן, ניט האבענדיג קיין רעכט דערצו.

cop'per-coin *n.* (קאפ'-ער-קאין) קו-פער-געלט.

cop'per-col'or *n.* (קאפ'-ער-קאל'-אר) קופערפארב.

cop'per-col'ored *a.* (קאפ'-ער-קאל'-ארד) פון קופערפארב, ספעציעל וועגען די אמעריקאנער אינדיאנער.

cop'pered *a.* (קאפ'-ערד) קופער-פאר-ביג.

cop'per-faced *a.* (קאפ'-ער-פייסט) בעדעקט פון אויבען מיט קופער.

cop′per-fas′tened *a.* (קאפ׳-ער-פעסנד) בעשלאגען מיט קופער.

cop′per-glance *n.* (קאפ׳-ער-גלענס) קופער=זולפאט [א כעמישע פערבינדונג פון קופער און שוועבעל].

cop′perhead *n.* (קאפ׳-ער-העד) די אמעריקאנער קופער=שלאנג [א גיפטיגע שלאנג פון גאלד=ברוינער פארב פון צוויי ביז דריי פוס די לענג]; א צונאמען מיט וועלכען מען פלעגט רופען איינעם פון די נארד=שטאאטען אין אמעריקא, וואס האט סימפאטיזירט מיט די אויפשטענדיגע פון די זיד=שטאאטען אין דער צייט פון דעם בירגער=קריעג אין אמעריקא.

cop′pering *n.* (קאפ׳-ער-אינג) דאס בעשלאגען מיט קופער.

cop′perish *a.* (קאפ׳-ער-איש) וואס ענטהאלט קופער; וואס איז עהנליך צו קופער.

cop′perize *v.* (קאפ׳-ער-איז) אנזעטיגען מיט א קופער=לעזונג אדער מיט קופער=זאלץ.

cop′per-laced *a.* (קאפ׳-ער-לייסט) בעפוצט מיט קופער=גאלוינען.

cop′per-nick′el *n.* (קאפ׳-ער-ניק׳-על) קופער=ניקעל [אזא מעטאל].

cop′perplate *n.* and *a.* (קאפ׳-ער-פלייט) א קופער=פלאטע אויף וועלכער עס איז אויסגראווירט א צייכנונג; אן אבדרוק פון אזא פלאטע; אויסגעקריצט אויף א קופער=פלאטע.

cop′per-sheet *n.* (קאפ׳-ער-שיעט) קופער=בלעך.

cop′persmith *n.* (קאפ׳-ער-סמיטה) א קופער=שמיעד.

cop′perwing *n.* (קאפ׳-ער-הווינג) א שמעטערלינג פון קופער=פארב.

cop′per-wire *n.* (קאפ׳-ער-הוואיר) קופער=דראט.

cop′perwork *n.* (קאפ׳-ער-הוואירק) קופער=ארבייט.

cop′per-works *n.* (קאפ׳-ער-הוואירקס) א קופער=ווערקשטאט.

cop′per-worm *n.* (קאפ׳-ער-הוואירם) דער שיף=ווארעם, דער בויערער=ווארעם.

cop′pery *a.* (קאפ׳-ער-אי) קופערדיג; וואס ענטהאלט קופער; וואס האט די איי=גענשאפטען פון קופער.

cop′pice *n.* (קאפ׳-אים) א געדיכט וועלדעל פון קליינע בוימעלעך [הויפטזעכליך אזא וואס מען האקט אוים פון צייט צו צייט].

cop′ple *n.* (קאפל) א שפיץ; א שפיץ ווי פון א קאנוס.

cop′ple-crown *n.* (קאפל׳-קראון) א טשוב אויף׳ן קאפ פון א פויגעל.

cop′pled *a.* (קאפלד) צוגעשפיצט; עהנליך צו א קאנוס.

cop′ra *n.* (קאפ׳-רא) קאפרא [די געטריקענטע קערנער פון קאקאס=נים, וועלכע ווערען געשיקט פון די פאסיפישע אינזלען אין אייראפא].

copres′ence *n.* (קאו-פרעז׳-ענס) דאס ביי=זיין; דאס זיין צוזאמען מיט אנדערע.

cop′rolite *n.* (קאפ׳-רא-לאיט) אזא הארטע רונדע שטיינמאסע וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע אבפאל [עקסקרימענטען] פון חיות, בעזאנדערס פון רעפטיליען און פיש.

cop′rolith *n.* (קאפ׳-רא-ליטה) א פערהארטעוועטע קנויל אין די געדערים [ווי צאה אדער עטוואס אנדערש]; אזא הארטע רונדע שטיינמאסע, וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע אבפאל [עקסקרימענטען] פון חיות, בעזאנדערס פון רעפטיליען און פיש.

coproph′agan *n.* (קא-פראפ׳-ע-גען) א מיסט=זשוק.

coproph′agist *n.* (קא-פראפ׳-ע-דזשיסט) א חיה וואס עסט צאה [עקסקרימענטען].

coproph′agous *a.* (קא-פראפ׳-ע-גאס) וואס ערנעהרט זיך מיט צאה [עקסקרימענטען].

coproph′ilous *a.* (קא-פראפ׳-אי-לאס) וואס וואקסט אויף מיסט; וואס ליעבט מיסט [וועגען געוויסע אינזעקטען].

copse *n.* (קאפס) ז. *coppice*

copse′wood *n.* (קאפס׳-הוואוד) ז. *coppice*

cop′sy *a.* (קאפ׳-סי) בעוואקסען מיט קליינע געדיכטע בוימלעך.

Copt *n.* (קאפט) א קאפט, א געבארענער עגיפטיאנער, א מצרי [צום אונטערשייד פון די אראבער אין עגיפטען]; אן עגיפטישער קריסט.

Cop′tic *a.* and *n.* (קאפ׳-טיק) קאפטיש, וואס איז שייך צו די קאפטען [געבארענע עגיפטיאנער]; א קאפט; די קאפטישע שפראך.

cop′ula *n.* (קאפ׳-יו-לא) א בינד=ווארט, דאס ווארט אין א זאץ, וואס פערבינדט דעם סוביעקט מיט דעם פרעדיקאט [ווי דאס ווארט „איז” אין די זעצע: ניו יארק **איז** גרויס; ראטשילד **איז** רייך]; פערבינדונגס=גליעד, א פערבינדונגס=ביין; געשלעכטליכער פערקעהר.

cop′ular *a.* (קאפ׳-יו-לאר) וואס איז שייך צו אדער האט די אייגענשאפטען פון א בינדע=ווארט. ז. *copula*

cop′ulate *v.* (קאפ׳-יו-לייט) זיך פארען [ווי זכר און נקבה].

copula′tion *n.* (קאפ-יו-ליי׳-שאן) דאס צוזאמענפארען, בעהעפטען; געשלעכטליכער פערקעהר.

cop′ulative *n.* and *a.* (קאפ׳-יו-ליי-טיוו) וואס פעראייניגט אדער פארט צוזאמען; א בינד=ווארט. ז. *copula*

cop′ulatively *adv.* (קאפ׳-יו-ליי-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון א בינד=ווארט; דורך פערבינדונג, דורך פארונג.

cop′ulatory *a.* (קאפ׳-יו-ליי-טא-רי) וואס איז שייך צו א צוזאמענפארונג אדער צום געשלעכטליכען פערקעהר; וואס פעראייניגט, וואס פערבינדט.

cop′y *n.* and *v.* (קאפ׳-אי) א מאנוסקריפט (כתב=יד), א קאפיע; א נאכגעמאכטע זאך; אן עקזעמפלאר; א געוויסער פארמאט פון שרייב=פאפיער פון 16×20 צאל; איבערשרייבען; נאכמאכען; קאפירען.

cop′y-book *n.* (קאפ׳-אי-בוק) א פאר=שריפטס=העפט [א העפט נאכצושרייבען פאר אזעלכע וואס פאנגען זיך אן לערנען שרייבען]; א שרייב=העפט.

cop′yer *n.* (קאפ׳-אי-ער) ז. *copier*

cop′y from life (קאפ׳-אי פראם לאיף) קאפירען פון דער נאטור, קאפירען פון לעבען.

cop′ygraph *n.* (קאפ׳-אי-גרעף) א העקטאגראף [אזא פערגליווערטע כעמישע מאסע וואס ווערט בענוצט צו מאכען קאפיעס פון שריפטען].

cop′yhold *n.* (קאפ׳-אי-האולד) אין ענגלאנד — בעזיץ אויף צינז=לאנד, וואו דער בעזיצער קען בעווייזען זיין רעכט דורך א קאפיע פון די ביכער פון דעם לאנד=הערר [לארד]. דאס לאנד געהערט צום בעזיצער און ווערט גערעכענט ווי זיין אייגענטום ווי לאנג ער צאהלט די צינזען.

cop′y-hol′der *n.* (קאפ׳-אי-האול׳-דער) אזא ראהם אדער קלאמער אין וועלכען א שריפטזעצער האלט דעם מאנוסקריפט [כתב=יד] ביים זעצען; א העלפער ביים לעזען קארעקטור [דער וואס האלט דעם מאנוסקריפט און לעזט פאר ביים מאכען די קארעקטור פון א דרוקשריפט].

cop′yholder *n.* (קאפ׳-אי-האול-דער) א בעזיצער פון צינז=לאנד, וועגען וועלכען דער בעזיצער האט א קאפיע פון די ביכער פון דעם לאנד=הערר [לארד]. דאס לאנד ווערט גערעכענט פאר דאס אייגענטום פון בעזיצער ווי לאנג ער צאהלט די צינזען.

cop′ying-clerk *n.* (קאפ׳-אי-אינג-קלוירק) אן אנגעשטעלטער צו מאכען קאפיעס פון שריפטען.

cop′ying-ink *n.* (קאפ׳-אי-אינג-אינק) קאפיער=טינט [אזא טינט וואס ווערט בענוצט פאר שריפטען וועלכע דארפען קאפירט ווערען].

cop′ying-machine′ *n.* (קאפ׳-אי-אינג-מע-שין׳) א קאפיער=מאשין.

cop′ying-pa′per *n.* (קאפ׳-אי-אינג-פיי׳-פער) קאפיער=פאפיער.

cop′ying-press *n.* (קאפ׳-אי-אינג-פרעס) א קאפיער=פרעס.

cop′ying-rib′bon *n.* (קאפ׳-אי-אינג-ריב׳-אן) דאס טינט=באנד פון א שרייב=מאשין.

cop′yist *n.* (קאפ׳-אי-איסט) א קאפיערער; אן איבערשרייבער; א נאכמאכער.

cop′y-mon′ey *n.* (קאפ׳-אי-מאנ׳-אי) געצאהלט פאר איבערשרייבען; שרייבער=געצאהלט.

cop′yright *n.* and *v.* (קאפ׳-אי-ראיט) ליטערארישע אייגענטומס=רעכט [דאס געזעצליכע אייגענטומס=רעכט אויף א פערפאסונג אדער אירגענד וועלכע אנדערע קינסטליכע אדער גייסטיגע ארבייט]; פערזיכערען אדער שיצען דאס ליטערארישע אייגענטומס=רעכט.

coquet′ *v.* (קא-קעט׳) קאקעטירען, מאכען חן׳דעלאך; זוכען צו געפעלען.

co′quetry *n.* (קאו׳-קעט-רי) קאקעטעריי.

coquette′ *n.* (קא-קעט׳) א קאקעטקע, א פרוי וואס מאכט חן׳דלעך; א פרוי וואס זוכט צו געפעלען.

coquet′tish *a.* (קא-קעט׳-איש) קאקעטיש, עהנליך צו א קאקעטקע.

coquet′tishly *adv.* (קא-קעט׳-איש-לי) אויף א קאקעטישען אופן.

coqui′na *n.* (קא-קי׳-נא) אזא ווייכליכער שטיין וועלכער בעשטעהט פון ים=מושלען און ווערט בענוצט אלס בוי=מאטעריאל.

cor′acle *n.* (קאר׳-עקל) א קליינע פישער=שיפעל פון פעל איבערגעצויגען איבער צוזאמענגעשטעלטע שטעקלעך.

cor′acoid *n.* and *a.* (קאר׳-ע-קאיד) וואס האט די פארמע פון א שנאבעל פון א ראב [וואראנע]; דער ביין וואס בעהעפט זיך מיט׳ן אקסעל=ביין.

cor′al *n.* and *a.* (קאר׳-על) קאראלען, קארעלען [אזא הארטער שטיינארטיגער שטאף פון ראזען קאליר וואס בילדעט זיך אין דער פארם פון בוימלעך אויף׳ן גרונט פון ים פון אזעלכע קליינע ים=

חיה'לעך (פאליפען)]; א בעשעפעניש וואס פראדוצירט קאראלען; אזא פלאנצע וואס וואקסט אין זיד־אפריקא; געמאכט פון קאראלען; וואס איז עהנליך צו קא־ראלען.

Coral

cor'al-di'ver *n.* (קאר'-על-דאי'-ווער) דער קאראלען־פישער, דער וואס זוכט קא־ראלען אויף'ן דעק פון ים.

cor'al-fish'er *n.* (קאר'-על-פיש'-ער) ז. *coral-diver*

cor'al-fish'ery *n.* (קאר'-על-פיש'-ער-אי) קאראלען־פאנגעריי, דאס זוכען קארא־לען אויף'ן דעק פון ים.

cor'al-fish'ing *n.* (קאר'-על-פיש'-אינג) ז. *coral-fishery*

cor'al is'land (קאר'-על אי'-לענד) א קאראלען־אינזעל [אן אינזעל, וואס האט זיך אויסגעבילדעט אין מיטען ים דורך דעם וואס די שטרעמונג פון וואסער האט אנגעטראגען זאמד אויף די קאראלען און דערמיט האט זיך אויסגעבילדעט א שטיק יבשה].

coralla'ceous *a.* (קאר-ע-ליי'-שיאס) וואס אנבעלאנגט צו אדער האט די איי־גענשאפטען פון קאראלען.

cor'alled *a.* (קאר'-עלד) מיט קאראלען בעזעצט; וואס האט קאראלען.

corallif'erous *a.* (קאר-ע-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אדער גיט ארויס קארא־לען.

coral'liform *a.* (קא-ראל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון קאראלען; וואס איז עהנליך צו קאראלען.

Coralli'na *n.* (קאר-ע-לאי'-נא) די קאראלינען [אזא מין ים־גראזען וואס האבען א ראזען קאראלען קאליר. וואק־סען מייסטענס אין די ימים פון די הייסע געגענדען].

cor'alline *n.* and *a.* (קאר'-ע-לין) וואס בעשטעהט פון קאראלען; וואס ענט־האלט אדער זעהט אויס ווי קאראלען; רויטליך ווי קאראלען; אזא ראזע־פארב; דאס קאראלין־גראז [אזא ים־גראז וואס האט דעם קאליר פון קאראלען]; א קא־ראלען־עהנליכע בעשעפעניש.

cor'allite *n.* (קאר'-ע-לאיט) דאס ים־חיה'לע [פאליפ] וואס בילדעט קארא־לען.

corallit'ic *a.* (קאר-ע-ליט'-איק) וואס ענטהאלט קאראלען; וואס איז עהנליך צו קאראלען.

cor'alloid *n.* and *a.* (קאר'-ע-לאיד) קאראלענארטיג; עהנליך צו קאראלען; א מין קאראל־פאליפ [פון די קליינינקע ים־חיה'לעך].

coralloi'dal *a.* (קאר-ע-לאי'-דעל) קא־ראלענארטיג, עהנליך צו קאראלען.

cor'al-mud *n.* (קאר'-על-מאד) ניט־צוזאמענגעוואקסענער קאראל; שטיקלעך קאראל, וואס זיינען ניט פעראייניגט.

cor'al-plant *n.* (קאר'-על-פלענט) די קאראל־פלאנצע [א פלאנצע מיט ראזע בלומען און געדיכטע בלעטער, ווערט קול־טיווירט אין די גערטנער פון אינדיען].

cor'al-rag *n.* (קאר'-על-רעג) אין גע־אלאגיע — די קאלך־שיכט פון דער ערד, וואו עס געפינען זיך פיעל פערשטיינערטע קאראל־חיה'לעך.

cor'al reef (קאר'-על ריעף) א מין פעלז וואס איז אויסגעבילדעט פון קארא־לען און שטעקט ארויס פון ים.

cor'alroot *n.* (קאר'-על-רוהט) קארא־לען־ווארצעל [אזא פלאנצע].

cor'al-snake *n.* (קאר'-על-סנייק) אזא שלאנג מיט רויט־ראזע שטרייפען.

cor'al-tree *n.* (קאר'-על-טריע) דער קאראלען־בוים [א מין בוים אדער קוסט מיט געדיכטע בלעטער און רויט־ראזע בלו־מען. וואקסט געוועהנליך אין אמעריקא, אפריקא און אינדיען].

cor'al-wood *n.* (קאר'-על-הוואוד) קא־ראלען־האלץ [רויטע מעבעל־האלץ פון זיד־אמעריקא].

cor'alwort *n.* (קאר'-על-הוואירט) ז. *coralroot*

cor'al-zone *n.* (קאר'-על-זאון) די טיעפקייט פון ים, וואו מען געפינט פיעל קאראלען; דער ים־שטח, וואו מען קען געפינען קאראלען.

co'ram pop'ulo (קאו'-רעם פאפ'-יו-לאו) פאר'ן קהל; פאר די אויגען פון די צושויער.

cor'anach *n.* (קאר'-ע-נעק) א קלאג־ליעד, א טרויער־ליעד, וואס פלעגט אמאל געזונגען ווערען ביי א לויה אין אירלאנד און שאטלאנד.

corb *n.* (קאהרב) אן אייזערנער קארב, (קאהרב) מיט וועלכען מען הויבט אויף שטיינ־קויהלען פון די שאכטען; אין ארכיטעק־טור — א נישע, א פערטיעפונג אין וואנד, וואו מען שטעלט א וואזע, א סטאטוע א. ד. ג.

cor'ban *n.* (קאהר'-בען) א קרבן נדר.

cor'beil *n.* (קאהר'-בעל) א קליינער קארב, וועלכען מען פילט אן מיט ערד און מען שטעלט אויף דער וואנד פון פעס־טונג, כדי צו בעשיצען זיך געגען דעם שונא'ס קוילען; אין ארכיטעקטור — א סקולפטור־ארבייט צו בעפוצען א געביידע אין דער פארם פון א קערבעל מיט בלו־מען, מיט פרוכטען א. ד. ג.

cor'bel *n.* and *v.* (קאהר'-בעל) אין ארכיטעקטור — דער קראגשטיין [א שטיק שטיין, האלץ אדער אייזען, וואס שטארצט ארויס פון וואנד, כדי אויפצוהאלטען די קראקוועס פון דאך א. ד. ג.]; אויפהאל־טען עפעס אויף קראגשטיינער.

cor'bel-ta'ble *n.* (קאהר'-בעל-טייבל) א פאראפעט, א ווענטעל אדער א צייל פון זיילען, וואס האלט זיך אויף קראג־שטיינער.

cor'bil *n.* (קאהר'-ביל) ז. *corbel*

cord *n.* and *v.* (קאהרד) א שנירעל, א שטריקעל; קייטען [אין זינען פון יאך, פייניגונג, פערשקלאפונג]; א קלאפטער, אן ענגלישע מאס פאר האלץ וואס ענט־האלט 128 קוביק פוס אדער 8 פוס לאנג, 4 פוס הויך און 4 פוס ברייט; א געוויסע לענג־מאס [$23\frac{5}{8}$ ענגלישע פוס]; א געווי־סע מאס פון לאנד [$73\frac{5}{8}$ קוואדראטע יארד]; פערבינדען מיט א שטריק; אויס־לעגען [האלץ אדער שטיינער] אין קלאפ־טערס.

cor'dage *n.* (קאהר'-דעדזש) שטריק־ווערק [ווי די קאנאטען און אנדערע זא־כען פון שטריק אויף א שיף].

cor'date *a.* (קאהר'-דייט) הארצפער־מיג; וואס האט די פארם פון דעם הארץ־צייכען [אויף קארטען].

cor'dately *adv.* (קאהר'-דייט-לי) אין דער פארם פון א הארץ.

cor'ded *a.* (קאהר'-דעד) געבונדען מיט שטריק; געשטרייפט; אויסגעלעגט אין קלאפטער [ווענען האלץ וואס איז אויס־געלעגט אין קלאפטער].

Cordelier' *n.* (קאהר-דע-ליעהר') א פראנ־ציסקאנער מאנאך; א נאמען פון א פא־ליטישען קלוב אין פאריז אין דער צייט פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואָ־לוציאָן.

cor'delle *n.* and *v.* (קאהר'-דעל) א געדרעהטער שטריק, א קאנאט; ציהען א שיף מיט א קאנאט.

cor'dial *a.* and *n.* (קאהר'-דזשעל) הארציג, הערצליך, פריינדליך; וואס מאכט פרעהליך, מונטער; וואס שטארקט; א מי־טעל צו שטארקען דאס הארץ, א מיטעל צו ערמונטערען [אין מעדיצין]; א זי־סער, שמעקעדיגער ליקער.

cordial'ity *n.* (קאהר-דזשעל'-אי-טי) הארציגקייט, ווארעמע פריינדליכקייט.

He received me with great cordiality.

cor'dially *adv.* (קאהר'-דזשעל-אי) הארציג; מיט ווארעמע פריינדליכע גע־פיהלען.

Hoping to hear from you, I am cordially yours.

cor'dialness *n.* (קאהר'-דזשעל-נעס) ז. *cordiality*

cor'diform *a.* (קאהר'-די-פארם) וואס האט די פארם פון א הארץ.

cordille'ra *n.* (קאהר-דיל-יעי'-רא) א קייט פון בערג.

cor'don *n.* (קאהר'-דאן) א קארדאן, שיפען אדער סאלדאטען וואס האלטען וואך; א גרופע מענשען וואס בעוואכען א פלאץ, אז קיינער זאל אהן ערלויבניס אהין ניט אריינקומען און פון דארט ניט ארויסגעהן; א שנור [אלס בעציערונג אויף קליידער, אויך אלס צייכען פון א ראנג אדער פון אנגעהעריגקייט צו אן אר־דען].

cor'dovan *n.* (קאהר'-דא-ווען) שפאני־שער לעדער; לעדער פון פערדען־פעל.

cord'-sling *n.* (קאהרד'-סלינג) א שטיין־שליידערער מיט לאנגע שטריק אדער רימענס.

cord'-stitch *n.* (קאהרד'-סטיטש) א קייטען־שטיך [אזא נאט אין שטיקעריי, וואס זעהט אויס געפלאכטען ווי א קיי־טעל].

cor'duroy *n.* and *v.* (קאהר'-דיו-ראי) א דיקער געשטרייפטער באוועל־שטאף; וואס איז געמאכט פון דיזען שטאף אדער איז געשטרייפט ווי דיזער שטאף; א וועג אויסגעלעגט מיט קלעצלעך; אויסלעגען א בלאטיגען וועג מיט קלעצלעך.

cor'duroy road (קאהר'-דיו-ראי ראוד) א וועג וואס איז אויסגעפלאסטערט מיט קלעצלעך.

cord'wain *n.* (קאהרד'-הוויין) שפאני־שער לעדער.

cord'wainer *n.* (קאהרד'-הוויי-נער) א לעדער־ארבייטער; א שוסטער.

cord'wainery *n.* (קאהרד'-הוויי-נער-אי) דאס ארבייטען ביי לעדער; שוסטע-ריי.

cord'-wood *n.* (קאהרד'-הוואוד) קלאפטער-האלץ [האלץ געשניטען אין דער לענג פון א קלאפטער].

cord'-work *n.* (קאהרד'-הווארק) שטי-קעריי.

core *n. and v.* (קאור) דאס אינגוועניג-סטע פון עפעס; דער קערן, דאס הארץ; דאס צענטראלע, דאס וויכטיגסטע; דער עצם; דאס הארץ פון א פרוכט, וואו עס געפינען זיך די זוימען אדער די יאד-רעס; א קערן פון ליים אדער זאמד וואס ווערט ארייננעשטעלט אין א פורעם צו גיסען מעטאל-שטיקער, וועלכע האבען א חלל; די צאהל ארבייטס-שטונדען ביי מי-נען-ארבייטער; א לעבער-קראנקהייט ביי שאף; אן אייטער-קראנקהייט ביי קיה; ארויסנעהמען דאס אינגוועניגסטע פון א פרוכט, ארויסנעהמען די יאדרעס; מא-כען א קערן פאר א פורעם צום גיסען מע-טאלען; גיסען מעטאלען אין א פורעם מיט א קערן; איינזאלצען און פערפער-טיגען צום טריקענען [הערינג].

co-re'gent *n.* (קאו-רי'-דזשענט) א מיט-הערשער.

core'less *a.* (קאור'-לעס) אהן ביינער; מארך; שוואך, קראפטלאז.

corelig'ionist *n.* (קאו-רי-לידזש'-אנ-איסט) איינער וואס בעלאנגט צו דער-זעלבער רעליגיאן.

core'-wheel *n.* (קאור'-הוויעל) א מא-שין-ראד וואס זיינע צייהנער זיינען גע-שניטען פון אינגוועניג און וועלכער ווערט בעטריבען פון אן אנדער צאהן-ראד וואס לויפט אין איהם.

Core-wheel

corf *n.* (קארף) א קארב, אין וועלכען מען טראגט איבער קויהלען אין די קויה-לען-מינען; אן ענגלישע מאס פאר קויה-לען.

coria'ceous *a.* (קאו-רי-איי'-שיאס) וואס איז געמאכט פון לעדער אדער וואס איז עהנליך צו לעדער.

corian'der *n.* (קאו-רי-ענ'-דער) דער קאריאנדער [א מין געווירץ-פלאנצע]; די פרוכט פון די קאריאנדער-פלאנצען.

Corin'thian *a.* (קא-רינ'-טהי-ען) וואס אנבעלאנגט צו קארינטה [א פארצייטיגע גריכישע שטאדט] אדער איהר בוי-קונסט; רייך; אויסגעלאסען, תאוה'דיג.

co'rium *n.* (קאו'-רי-אם) די אונ-טערשטע הויט-שיכט.

cork *n., v. and a.* (קאהרק) דער קאר-קען-בוים; די קארע פון א קארקען-בוים; א קארק, א פראפקע; פערשטאפען מיט א קארק; פערשטאפען דאס מויל, צווינ-גען צו שווייגען; אויסשמירען מיט א צו-ברענטען קארק; געמאכט פון קארק.

cor'ker *n.* (קאהר'-קער) איינער וואס פערשטאפט, פערקארקעוועט; אן איינ-סטרומענט פונאנדערצוציהען שיף; דאס וואס האקט אב א געשפרעך אדער דעבא-טע; אן ארגומענט, אויף וועלכען מען קען ניט ענטפערען; עטוואס וואס מאכט דאס וייטערע דיסקוטירען פון א פראגע אוננויטיג אדער אונמעגליך; איינער וואס ברענגט א שטרייט צו אן ענדע; א געלונ-גענער עקזאמען.

cor'kiness *n.* (קאהר'-קי-נעס) דאס זיין עהנליך צו א קארק.

cork'ing *a.* (קאהרק'-אינג) פיין, גרויס-ארטיג, אויסגעצייכנעט.

We had a perfectly corking time.

cork'-jack'et *n.* (קאהרק'-דזשעק'-עט) א שווים-יאק [א יאק פון קארקען-האלץ אויפצוהאלטען א שווימער אויף'ן וואס-סער].

cork'-machine' *n.* (קאהרק'-מע-שין') א מאשין צו מאכען קארקעס.

cork'screw *n., a. and v.* (קאהרק'-סקרוה) א קארקענציהער, א פראפענצי-הער; וואס האט די פארמע פון א קאר-קענציהער; דרעהען זיך ווי א קארקען-ציהער.

cork'-tree *n.* (קאהרק'-טריע) דער קאר-קען-בוים [דער בוים וואס פון זיין קא-רע ווערען געמאכט קארקעס].

Cork-tree

cor'ky *a.* (קאהר'-קי) קארקען-ארטיג; איינגעצויגען, פערוועלקט; וואס שמעקט מיט קארק [ווי וויין]

corm *n.* (קאהרם) א פלאנצע מיט א דיקען שטענגעל עהנליך צו א ציבעלע.

cor'morant *n. and a.* (קאהר'-מא-רענט) א באקלאן [א גרויסער ים-פויגעל מיט א שטארקען קרומען שנאבעל און א לאנגען האלז. ער צייכענט זיך אויך אויס דערמיט וואס ער איז זעהר פרעסעריש]; א זולל וסובא, א פרעסער; וואס האט די איינענשאפטען פון א באקלאן [זולל וסובא].

Cormorant

corn *n. and v.* (קאהרן) קוקורוזע, מאיס, טערקישע ווייץ; קארן; געטריידע; א היהנעראויג; איינזאלצען; צומאלען אויף קערנדלעך.

corn'-ball *n.* (קאהרנ'-באהל) א קניי-דעל פון קוקורוזע, אייער און צוקער.

corn'bind *n.* (קאהרנ'-באינד) די אקער-ווינדע [א מין ווילד גראז, וואס וואקסט אויף די וועגען פון די פעלדער, איבער-הויפט וואו עס איז פערזייהט געטריידע].

corn'-blade *n.* (קאהרנ'-בלעד) דער בלאט פון קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

corn'-bread *n.* (קאהרנ'-ברעד) ברויט געבאקען פון קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

corn'-cake *n.* (קאהרנ'-קייק) א טארט אדער קוכען געבאקען פון קוקורוזע [טער-קישע ווייץ].

corn'-chand'ler *n.* (קאהרנ'-טשענד'-לער) א תבואה-הענדלער.

corn'-clea'ner *n.* (קאהרנ'-קליע'-נער) א מאשין, וועלכע טיילט אויס די קער-נער פון קוקורוזע [טערקישע ווייץ] און רייניגט זיי.

corn'-cob *n.* (קאהרנ'-קאב) דער זאנג פון קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

corn'-cock'le *n.* (קאהרנ'-קאקל) די קארנראד [א מין מאנקרויט, וואקסט אין פריהלינג ביים אקערען די פעלדער, האט גיפטיגע קערנער].

corn coun'try (קאהרן קאנ'-טרי) א לאנד וואס פראדוצירט קוקורוזע [טער-קישע ווייץ].

corn'-crake *n.* (קאהרנ'-קרייק) דער וואכטעל-קעניג [א מין פויגעל וואס גע-פינט זיך צווישען די תבואות אין פעל-דער].

corn'-crib *n.* (קאהרנ'-קריב) א שייער צו טריקענען קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

corn'-cut'ter *n.* (קאהרנ'-קאט'-ער) א שנייד-מאשין [צו שניידען תבואות]; איינער וואס שניידט אויס היהנער-אוי-גען [מאזאלעס].

corn'-dodg'er *n.* (קאהרן'-דאדזש'-ער) א קיכעל פון קוקורוזע-מעהל.

corn'-drill *n.* (קאהרנ'-דריל) א מאשין צום זייהען קוקורוזע.

cor'nea *n.* (קאהר'-ני-ע) די הארן-הויט פון אויג.

cor'neal *a.* (קאהר'-ני-על) וואס איז שייך צו דער הארן-הויט פון אויג.

corned *a.* (קאהרנד) איינגעזאלצען און געפעקעלט, ווי געפעקעלטע פלייש.

corned beef (קאהרנד ביעף) געפעקעל-טע רינד-פלייש.

cor'nel *n.* (קאהר'-נעל) דער קארנעל קארשענבוים [א קליין בוימעלע וועלכעס בליהט אין פריהלינג מיט קליינע געלבע בלימעלעך און דערנאך וואקסען אויס אויף איהם א מין רויטליכע קארשען].

corne'lian *a.* (קאהר-ניע'-ליען) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צום קארנעל-קארשענבוים.

cor'neous *a.* (קאהר'-ני-אס) פון הארן; הארן-ארטיג.

cor'ner *n. and v.* (קאהר'-נער) א ווינ-קעל, א ראג; אזא דריי-עקיגע געצייג [בענוצט אין בוך-בינדעריי צו בעפוצען די ווינקלען פון א בוך]; דאס מאנאפא-ליזירען אדער דאס ארייננכאפען דעם גאנ-צען זאפאס פון סחורה אויף'ן מארק, כדי צו קאנטראלירען דעם מקח; דאס פער-שפארען אין א ווינקעל, דאס צודריקען צו דער וואנד [דאס ארויסנעהמען אין א ויכוח מיט אזא ארגומענט, אויף וועלכען דער געגנער קען ניט ענטפערען]; פער-טרייבען אין א ווינקעל, צושפארען צו דער

וואנד; שטעלען אין פערלעגענהייט; אויס־ קויפען די גאנצע סחורה אויף׳ן מארק, כדי דערנאך צו קאנטראלירען די מקחים.

cor′nered *a.* (קאהר׳–נערד) 1. וואס האט ווינקלען; 2. צוגעשפארט צו דער וואנד, געבראכט אין א פערלעגענהייט.

2. He was **cornered** by my arguments.

cor′ner-house *n.* (קאהר׳–נער–האוס) א ווינקעל־הויז.

cor′ner-piece *n.* (קאהר׳–נער–פיעס) א ווינקעל־שטיק [א שטיקעל אייזען אדער אנדער מעטאל אין דער פארמ׳ע פון א „ד" צו פערשטארקען צוויי שטי־ קער וואס געהען זיך צונויף אין א ווינ־ קעל].

cor′ner-post *n.* (קאהר׳–נער–פאוסט) א ווינקעל־באלקען, ווינקעל־סלופ.

cor′ner-stone *n.* (קאהר׳–נער–סטאון) דער ווינקעלשטיין פון א געביידע; דער גרונדשטיין, יסוד.

The committee* arranged for the laying of the corner-stone of the synagogue.

cor′ner-tooth *n.* (קאהר׳–נער–טוהטה) א ווינקעל־צאהן אדער באק־צאהן ביי א פערד [וואקסט אויס ווען דאס פערד איז אלט פיער א האלב יאהר].

cor′nerwise *adv.* (קאהר׳–נער–וואיז) מיט׳ן ווינקעל פאראוים; שרעג, באלכסון, דיאגאנאל.

cor′net *n.* (קאהר׳–נעט) [א קארנעט א מין מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט]; א פלאג, א פאהן; א פאהנענטרעגער; א קאוואלעריע־אפיציר פון נידריגען ראנג; א מין אלטפרענקיש היטעל.

cor′net-à-pis′tons *n.* (קאהר׳–נעט–א– פיס׳–טאנז) קארנעט־א־פיסטאן [א מוזי־ קאלישער בלאז־אינסטרומענט].



Cornet-a-Pistons

cor′netcy *n.* (קאהר׳–נעט–סי) דאס אמט פון א פלאג־טרעגער אדער פון אן אפיציר פון נידריגען ראנג [אין דער קאוואלע־ ריע].

cor′neter *n.* (קאהר׳–נעט–ער) א טרו־ באטש, דער וואס בלאזט אין א טרובע.

cor′nettist *n.* (קאהר׳–נעט–איסט) איי־ נער וואס שפיעלט אויף׳ן קארנעט.

ז. *cornet*

corn′-exchange′ *n.* (קאהרן׳–עקס– טשיינדזש׳) געטריידע־בערזע [דער ארט וואו תבואות ווערען געקויפט און פער־ קויפט].

corn′-fac′tor *n.* (קאהרן׳–פעק׳–טאר) א מעקלער פון תבואות.

corn′-fan *n.* (קאהרן׳–פען) אזא זיפ אבצוטיילען די תבואות פון די מעקענע.

corn′-field *n.* (קאהרן׳–פיעלד) א פעלד בעוואקסען מיט קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

corn′-flag *n.* (קאהרן׳–פלעג) דער שווערטעל [אזא מין פלאנצע מיט רוי־ טע אדער ווייסע בלומען].

corn′-floor *n.* (קאהרן׳–פלאור) דער פערהארטעוועטער, גלאטער באדען פון א שייער, אויף וועלכען מען דרעשט תבואה.

corn′-flow′er *n.* (קאהרן׳–פלאו׳–ער) די קארן־בלום [א בלויע בלום וועלכע וואקסט צווישען תבואה].

corn′-frit′ter *n.* (קאהרן׳–פריט׳–ער) א קוכען פון צוריבענע קוקורוזע [טערקישע ווייץ] מיט מילך און אייער.

corn′-hus′ker *n.* (קאהרן׳–האס׳–קער) א מאשין אויסצושיילען קוקורוזע פון די שאלעכץ.

corn′-hus′king *n.* (קאהרן׳–האס׳–קינג) א פערזאמלונג פון פריינד און שכנים ביי א פערמער צו העלפען איהם אויסדרעשען די קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

cor′nice *n.* (קאהר׳–ניס) קארניז, א גע־ זימס פון א געביידע; א לייסטעל ארום די וואנד אין א צימער אויף וועלכען מען הענגט אויף בילדער.



Cornice

cor′nicle *n.* (קאהר׳–ניקל) א קליינער הארן; א פלאץ אין דעם קערפער פון א פלאנץ־לויז, דורך וועלכען זי גיט ארויס אזא זיסע פליסיגקייט.

cornic′ulate *a.* (קאהר–ניק׳–יו–לייט) וואס האט הערנער; וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

cornif′ic *a.* (קאהר–ניפ׳–איק) וואס ברייננט ארויס הערנער אדער הארן־ שטאף; וואס פערהארטעוועט ווי הארן.

cor′niform *a.* (קאהר׳–ני–פארם) וואס האט די פארם פון א הארן.

cornig′erous *a.* (קאהר–נידזש׳–ע–ראס) וואס האט הערנער.

cor′ning-house *n.* (קאהר׳–נינג–האוס) א פולווער־מיהל.

Cor′nish *n. and a.* (קאהר׳–ניש) וואס איז שייך צו קארנוואל [א גראפשאפט אין ענגלאנד]; די אלטע שפראך פון קארנוואל.

cor′nist *n.* (קאהר׳–ניסט) איינער וואס שפיעלט אויף א קארנעט.

corn′-land *n.* (קאהרן׳–לענד) א תבואה־ פעלד.

corn′-laws *n.* (קאהרן׳–לאהז) די ענג־ לישע געזעצע פון די יאהרען 1436—1842 וועגען דעם אבצאהל אויף אריינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע תבואה.

corn′less *a.* (קאהרן׳–לעס) וואס האט ניט קיין תבואה.

corn′-loft *n.* (קאהרן׳–לאפט) א שפייכ־ לער.

corn′-mar′ket *n.* (קאהרן׳–מאר׳–קעט) א תבואה־מארק.

corn′-mer′chant *n.* (קאהרן׳–מויר׳– טשענט) א תבואה־הענדלער.

corn′-me′ter *n.* (קאהרן׳–מי׳–טער) איי־ נער וואס מעסט תבואה; אן אפיציעלער תבואה־מעסטער.

corn′-mill *n.* (קאהרן׳–מיל) א מיהל צו מאהלען קוקורוזע.

corn′-mint *n.* (קאהרן׳–מינט) די אקערמינצע [אזא פלאנצע].

corn′-pipe *n.* (קאהרן׳–פאיפ) א שטרוי־ רעהרעל.

corn′-plan′ter *n.* (קאהרן׳–פלענ׳–טער) אזא מאשין צום זייהען קוקורוזע [טער־ קישע ווייץ].



Corn-planter

corn′-plas′ter *n.* (קאהרן׳–פלעס׳–טער) א היהנער־אויגען־פלאסטער.

corn′-pop′py *n.* (קאהרן׳–פאפ׳–אי) די אקערמאהן אדער די קלאטשרויז [אזא בלום].

corn′-rent *n.* (קאהרן׳–רענט) פאכט־ צינזען אין ענגלאנד, וואס ווערען גע־ צאהלט ניט מיט געלד, נאר מיט תבואה.

corn′-rose *n.* (קאהרן׳–ראוז) ז. *corn-poppy*

corn′-sal′ad *n.* (קאהרן׳–סעל׳–עד) פעלד־סאלאט [אזא פלאנצע].

corn′-shuck *n.* (קאהרן׳–שאק) די שאלעכץ פון קוקורוזע־קערנער.

corn′-spir′it *n.* (קאהרן׳–ספיר׳–איט) קוקורוזע־בראנפען.

corn′-stalk *n.* (קאהרן׳–סטאהק) א שטענגעל פון א קוקורוזע־פלאנצע.

corn′-starch *n.* (קאהרן׳–סטארטש) קראכמאל געמאכט פון קוקורוזע; קוקורו־ זע־מעהל.

corn′stone *n.* (קאהרן׳–סטאון) דער רוי־ טער קאלך־שטיין.

corn′-trade *n.* (קאהרן׳–טרייד) תבואה־ האנדעל.

cornuco′pia *n.* (קאהר–ניו–קאו׳–פי–א) דער פילהארן [א צייכען פון איבער־ פלוס, פון רייכקייט]; א הארנפערמיגע כלי אנגעפילט מיט נים און צוקערגעבעקס.

Cornuco′pia *n.* (קאהר–ניו–קאו׳–פי–א) א מין הארנפערמיגע גראזען.

cornute′ *a.* (קאהר–ניוט׳) וואס האט הערנער; הארנפערמיג.

cornu′ted *a.* (קאהר–ניו׳–טעד) ז. *cornute*

corn′-van *n.* (קאהרן׳–וען) א מאשין וואס רייניגט אב די תבואה־קערנער פון דער מעקענע.

corn′-wee′vil *n.* (קאהרן׳–וויע׳–וויל) דער שווארצער קארן־ווארם [אזא אינ־ זעקט וואס שעדיגט תבואה].

cor′ny *a.* (קאהר׳–ני) וואס איז עהנליך צו קארן; וואס ענטהאלט אדער וואס איז פול מיט קארן; וואס פראדוצירט קארן; וואס איז געמאכט פון קארן; וואס שמעקט ווי קארן; שכור.

cor′ol *n.* (קאר׳–אל) ז. *corolla*

corol′la *n.* (קא–ראל׳–א) א בלומען־ קרוינדעל [די אינוועניגסטע בלעטלעך ביי א בלום].

corolla′ceous *a.* (קאר–א–לייׂ–שיאס) אומקרענצענד; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א בלומען־קרוינדעל; וואס שליסט איין ווי א קראנץ.

cor′ollary *n.* (קאר׳–א–לע–רי) א שלוס וואס פאלגט ממילא פון א פריהער בע־ וויזענעם אמת; א זאך, וואס ווערט בע־ וויזען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי דאס פריהעריגע.

The necessity for good citizenship is an essential **corollary** of the principle of good government.

coro′na *n.* (קא–ראו׳–נא) א קרוין; א

בלומען=קראנץ מיט וועלכען מען פלעגט אין רוים בעציערען די קעפּ פון זיעגרייכע ארמעע=פיהרער; דער שטראהלען=קרייז ארום א הימלישען קערפּער; דער שטראהלען=קרייז פון דער נארד=ליכט; דער שפּיץ פון קאפּ; דער פלאכער טייל פון א געזימס; דער טייל פון צאהן וואס איז איבער די יאסלעס.

cor'onach *n.* (קאר'-א-נעק) ז. *coranach*.

cor'onal *n. and a.* (קאר'-א-נעל) א קרוין; א קראנץ; דער שטערנביין; וואס געהערט צום שפּיץ פון קאפּ; וואס איז שייך צום שטראהלען=קרייז ארום א הימלישען קערפּער; קרוינארטיג; רונד.

cor'onally *adv.* (קאר'-א-נעל-אי) אין דער פארם פון א קרוין; אויף א רונדען שטייגער.

cor'onal su'ture (קאר'-א-נעל סיו'-טשור) די נאהט וואס בילדעט זיך אויף דעם פלאץ, וואו די שטערנביינער פון קאפּ זיינען פעראייניגט.

cor'onary *n. and a.* (קאר'-א-נע-רי) וואס איז שייך צו א קרוין אדער א קראנץ; ארומרינגלענדיג; דער קליינער ביין אין אונטערשטען טייל פון א פערדס פוס.

cor'onary ar'tery (קאר'-א-נע-רי אר'-טע-רי) איינע פון די צוויי ארטעריען וואס שפּייזען די הארץ=מוסקולען מיט בלוט. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

cor'onary vein (קאר'-א-נע-רי וויין) איינער פון די בלוט=אדערען וואס געפינען זיך אין די הארץ=מוסקולען. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

corona'tion *n.* (קאר-א-ניי'-שאן) די קאראנאציע; די קרוינונג; די הייראטס=צערעמאניע אין גריכענלאנד און אין רוסלאנד, וואס בעשטעהט אין דעם וואס דער גלח לעגט ארויף אויף די קעפּ פון די פערהייראטע מעשענע קרוינען אדער בלומען=קראנצען.

corona'tion-oath *n.* (קאר-א-ניי'-שאן-אותה) די שבועה וואס דער געקרוינטער הערשער גיט בעת זיין קרוינונג.

cor'oner *n.* (קאר'-א-נער) א בעאמטער, וועמעס אויפגאבע בעשטעהט הויפּטזעכליך צו מאכען אונטערזוכונגען וועגען פערדעכטיגע טויטען=פעלע.

cor'oner's court (קאר'-א-נערז קאורט) א קאראנער'ס געריכטס=הויז.

cor'oner's in'quest (קאר'-א-נערז אינ'-קהוועסט) דעם קאראנער'ס געריכטס=אונטערזוכונג וועגען א פערדעכטיגען טויטען=פאל.

cor'oner's ju'ry (קאר'-א-נערז דזשו'-רי) א געריכט פון געשווארענע אונטער דעם קאראנער'ס פארזיץ, וואס דארף אורטיילען וועגען א פערדעכטיגען טויטען=פאל.

cor'onet *n.* (קאר'-א-נעט) א קרוין [פון די אדעליגע און פון די מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע]; א קראנץ; א פרויען=קאפּ=בעציערונג אין דער פארמע פון א האלבען קרייז; די אויבערשטע טייל פון א פערד'ס קאפּיטע; א קרייז פון ביינדלעך, האר א. ד. ג. ביי דעם עק פון א קערפּער=גליעד ביי אינזעקטען.

coro'niform *a.* (קא-ראו'-ני-פארם) קרוינפערמיג.

cor'onoid *a.* (קאר'-א-נאיד) קראנצפערמיג; וואס האט די פארם פון א שנאבעל פון א וואראנע [ראב].

cor'onule *n.* (קאר'-א-ניול) דאס פוך בינטעלע אויף זאמען=קערנער.

cor'poral *n. and a.* (קאהר'-פא-רעל) קערפּערליך, פיזיש, גשמיות'דיג, וואס אנבעלאנגט צום חומר; א קאפּראלנער [אן אונטער=אפיציר אין דער ארמעע]; א לייוועטענע דעקע, מיט וועלכער מען דעקט צו די הייליגע ברויט און וויין פון הייליגען אבענד=מאהל אין דער קריסטליכער קירך.

corpora'le *n.* (קאהר-פא-ריי'-לי) א לייוועטענע דעקע, מיט וועלכער מען דעקט צו די הייליגע ברויט און וויין פון הייליגען אבענד=מאהל אין די קריסטליכע קירכען.

corporal'ity *n.* (קאהר-פא-רעל'-אי-טי) קערפּערליכקייט; דאס זיין קערפּערליך, גשמיות'דיג.

cor'porally *adv.* (קאהר'-פא-רעל-אי) קערפּערליך.

cor'poral oath (קאהר'-פא-רעל אותה) א שבועה, וועלכע מען גיט אנריהרענדיג דערביי א הייליגע זאך.

cor'poral pun'ishment (קאהר'-פא-רעל פאנ'-איש-מענט) קערפּערליכע שטראף, לייב=שטראף.

cor'poralship *n.* (קאהר'-פא-רעל-שיפּ) דאס אמט פון א קאפּראלנער [אן אונטער=אפיציר אין דער ארמעע].

cor'porate *v. and a.* (קאהר'-פא-רייט) פעראייניגט; וואס אנבעלאנגט צו קארפּאראציאן; געמיינשאפטליך, קאלעקטיוו; פעראייניגען; זיך פעראייניגען.

cor'porate bod'y (קאהר'-פא-רייט באד'-אי) א קארפּאראציאן; א פעראייניגונג פון איינינע פערזאנען פאר א געמיינשאפטליכען צוועק אדער אונטערנעהמונג.

cor'porate fran'chise (קאהר'-פא-רייט פרענ'-טשיז) א פריווילעגיע וואס א קארפּאראציאן קריגט פון א רעגיערונג.

cor'porately *adv.* (קאהר'-פא-רייט-לי) אלס א גאנצע קערפּערשאפט; אויף א גשמיות'דיגען שטייגער.

cor'porateness *n.* (קאהר'-פא-רייט-נעס) דאס זיין פעראייניגט אין א קארפּאראציאן.

corpora'tion *n.* (קאהר-פא-ריי'-שאן) א קארפּאראציאן [א קערפּערשאפט, וואס האט דאס געזעצליכע רעכט אויף בעשטימטע אונטערנעהמונגען און ווערט פון געזעץ אנערקענט אלס יורידישע פערזאן; די רעכטע און די טהעטיגקייט פון א קארפּאראציאן זיינען ניט אבהענגיג פון די מיטגליעדער וואס שטעלען זי צוזאמען]; א בעל=הבת'יש בייכעל.

corpora'tion-bill *n.* (קאהר-פא-ריי'-שאן-ביל) א געזעץ וועגען קארפּאראציאנען.

corpora'tion coun'sel (קאהר-פא-ריי'-שאן קאונ'-סעל) אן אדוואקאט, וואס איז אנגעשטעלט ביי א שטאדט=פערוואלטונג; אן אדוואקאט פון א קארפּאראציאן.

cor'porative *a.* (קאהר'-פא-רע-טיוו) וואס איז פעראייניגט אין א קארפּאראציאן; וואס האט א שייכות צו א קארפּאראציאן.

cor'porator *n.* (קאהר'-פא-ריי-טאר) א מיטגליעד פון א קארפּאראציאן, הויפּטזעכליך אזעלכער, וואס איז געוועז פון די גרינדער פון דער קארפּאראציאן.

corpo'real *a.* (קאהר-פאו'-רי-על) קערפּערליך, פיזיש, גשמיות'דיג.

corpo'realist *n.* (קאהר-פאו'-רי-על-איסט) איינער וואס גלויבט ניט דאס עס עקזיסטירט א גייסט בעזונדער פון קערפּער].

corporeal'ity *n.* (קאהר-פאו-רי-על'-אי-טי) דאס זיין קערפּערליך, גשמיות'דיג.

corpore'ity *n.* (קאהר-פא-רי'-אי-טי) דאס זיין קערפּערליך, גשמיות'דיג.

cor'posant *n.* (קאהר'-פא-זענט) א קנויל עלעקטרישע ליכט וואס זעהט זיך אפּט ארום א שיף אין א שטורמדיגען וועטער.

corps *n.* (קאור) א קערפּערשאפט; א קארפּוס [אן ארמעע סאלדאטען]; א סטודענטישע געזעלשאפט [אין די דייטשע אוניווערזיטעטען].

corps d'armée' *n.* (קאור-דאר-מיי') א קארפּוס [אן ארמעע סאלדאטען].

corps de garde (קאור דע גארד) א וואך; א פלאץ וואו א וואך געפינט זיך.

corps de réserve' (קאור דע רע-זערוו') דער רעזערוו קארפּוס [סאלדאטען וואס ווערען געהאלטען אויסער דער שלאכט גרייט צו קומען צו הילף זייערע חברים אין שלאכט, ווען עס וועט נויטיג זיין].

corps diplomatique' (קאור דיפּ-לא-מע-טיק') דער דיפּלאמאטישער קארפּוס [די פערטרעטער פון אויסלענדישע רעגיערונגען אין א לאנד].

corpse *n.* (קאהרפּס) א מת, א טויטער קערפּער [הויפּטזעכליך פון א מענשען].

corpse'-can'dle *n.* (קאהרפּס'-קענדל) א ליכט, וואס מען שטעלט אוועק לעבען א מת; די ליכט=שיין וואס מען זעהט אפּט אויף די קברים אויף בית=עלמין'ס.

corpse'-gate *n.* (קאהרפּס'-גייט) אן אבדאך ביים אריינגאנג אין א קירכען=הויף, וואו מען האלט די טרונע מיט'ן טויטען=קערפּער, ווען עס קומט אויס צוווארטען אויף דעם גלח.

corps vo'lant (קאור ווא'-לענט) א לייכטע ארמעע=אבטיילונג וואס איז בעשטימט פאר שנעלע בעוועגונגען אין צייט פון מלחמה.

cor'pulence *n.* (קאהר'-פּיו-לענס) פולקייט, פעטקייט, דיקקייט.

cor'pulency *n.* (קאהר'-פּיו-לענ-סי) ז. *corpulence*.

cor'pulent *a.* (קאהר'-פּיו-לענט) געזעצט, פעט, דיק; וואס האט א גרויסען דיקען קערפּער.

cor'pulently *adv.* (קאהר'-פּיו-לענט-לי) דורך דיקקייט; צוליעב דעם גרויסען אויסזעהן פון קערפּער.

cor'pus *n.* (קאהר'-פּאס) א קערפּער; א מאטעריעלער געגענשטאנד; די זאמלונג פון עלעמענטען אדער פאקטען גענומען צוזאמען.

cor'puscle *n.* (קאהר'-פּאסל) א קליין קערפּערל; א קליין טיילכעלע שטאף; א צעלע.

corpus'cular *a.* (קאהר-פּאס'-קיו-לער) וואס געהערט צו קליינע טיילכעלעך שטאף; וואס בעשטעהט פון אדער צוטיילט זיך אין קליינע טיילכעלעך שטאף.

corpuscula'rian *n. and a.* (קאהר-פּאס-קיו-ליי'-רי-ען) וואס בעשטעהט פון קליינע טיילכעלעך שטאף; וואס אנבעלאנגט צו די אטאמישע פילאזאפיע [די פילאזאפיע וואס וויל ערקלערען אלע נאטור ערשיינונגען דורך די שטענדיגע בע=

וועגונגען און פערשיעדענע פערבינדונגען פון די אטאמען]; אן אנהענגער פון די אטאמישע פילאזאפיע.

corpus′cule *n.* (קאהר-פאס′-קיול) ז. *corpuscle*

cor′pus delic′ti (קאהר′-פאס דע-ליק′-טי) די הויפט-פאקטען, וועלכע בעווייזען, אז דער בעשולדיגטער האט בעגאנגען א געוויסען פערברעכען.

Cor′pus Ju′ris Canon′ici (קאהר′-פאס דזשו′-רים קע-נאנ′-אי-סי) די זאמלונג פון אלע דינים און תקנות פון דער קאטוילישער קירך.

Cor′pus Ju′ris Civ′ilis (קאהר′-פאס דזשו′-רים סיוו′-אי-לים) די זאמלונג אדער קאדעקס פון דער גאנצער רוימישער געזעצגעבונג [דער קאדעקס פון דעם ביזאנטישען קייזער יוסטיניאן].

cor′racle *n.* (קאר′-עקל) ז. *coracle*

corra′diate *v.* (קא-ריי′-די-אייט) קאנצענטרירען אין איין פונקט.

corradia′tion *n.* (קא-ריי-די-איי′-שאן) דאס קאנצענטרירען אין איין פונקט [ווי דאס קאנצענטרירען פון ליכטשטראהלען אין א ברען-גלאז].

corral′ *v. and n.* (קא-רעל′) אריינטרייבען אין אן ארומגעצאמטען פלאץ; פאנגען; צונעהמען פאר זיך; צודריקען צום וואנד [אין א ויכוח]; אן ארומגעצאמטער פלאץ; א שטעלכעל.

correct′ *v. and a.* (קא-רעקט′) פערבעסערן; קארעגירען; טאדלען, שטראפען; קארעקט, ריכטיג, אקוראט.

It is easier to make mistakes than to **correct** them.

correc′table *a.* (קא-רעק′-טעבל) וואס קען אויסגעבעסערט ווערען.

correc′tion *n.* (קא-רעק′-שאן) דאס פעררריכטען אדער אויסבעסערען; אויסבעסערונג; דאס אויסבעסערען איינעם דורך מוסר אדער בעשטראפונג.

correc′tional *a.* (קא-רעק′-שאנ-על) 1. וואס פיהרט צום אויסבעסערען; 2. וואס בעסערט אוים [ווי א געוויסע שוהלע וואס בעסערט אוים שלעכטע קינדער].

2. The delinquent boy was sent to a **correctional** institution.

correc′tive *a. and n.* (קא-רעק′-טיוו) וואס קען אויסבעסערען; וואס בעסערט אוים; עפעס וואס קען פערבעסערען דאס, וואס איז שעדליך אדער ניט ריכטיג.

correc′tively *adv.* (קא-רעק′-טיוו-לי) פערבעסערענד; אויף'ן אופן פון פערבעסערונג.

correct′ly *adv.* (קא-רעקט′-לי) ריכטיג; אהן פעהלערען.

correct′ness *n.* (קא-רעקט′-נעס) פינקטליכקייט; ריכטיגקייט; דאס זיין קארעקט.

correc′tor *n.* (קא-רעק′-טאר) דער פערבעסערער; איינער וואס בעסערט אוים פעהלערען; איינער וואס בעסערט אוים דורך מוסר.

correg′idor *n.* (קא-רעדזש′-אי-דאהר) דער הויפט מאגיסטראט פון א שפאנישער שטאדט.

cor′rei *n.* (קאר′-אי) א הייל אין א בארג.

correlate′ *v.* (קאר-אי-לייט′) צופאסען צוויי אדער עטליכע זאכען, אז זיי זאלען זיך געפינען אין אן אינערליכע פערבינדונג; שטעלען אין א געגענזייטיגער בעציהונג; זיין אין אן אינערליכע שייכות מיט נאך איינעם אדער מיט נאך עפעס.

Our teacher **correlates** the subjects of history and geography.

cor′relate *a. and n.* (קאר′-אי-לייט) וואס געפינט זיך אין אן אינערליכען צוזאמענהאנג; אין א געגענזייטיגער בעציהונג; דאס וואס געפינט זיך אין א געגענזייטיגער בעציהונג מיט אן אנדער זאך.

correla′tion *n.* (קאר-אי-ליי′-שאן) געגענזייטיגע בעציהונג; די שייכות פון צוויי אדער עטליכע זאכען וואס זיינען צוזאמענגעבונדען איינע מיט די אנדערע.

correl′ative *a. and n.* (קא-רעל′-ע-טיוו) וואס בעציהט זיך אויף עפעס; וואס געפינט זיך אין א געגענזייטיגער בעציהונג מיט אן אנדער פערזאן אדער זאך; געגענזייטיג ווירקענד איינע אויף די אנדערע; אין גראמאטיק—וואס געפינען זיך אין א געגענזייטיגער בעציהונג [ווי די ווערטער: ענטוועדער—אדער; אויף וויפיעל — אויף אזוי פיעל א. ד. ג.]; אזעלכע ווערטער.

correl′atively *adv.* (קא-רעל′-ע-טיוו-לי) דורך געגענזייטיגע בעציהונג.

correl′ativeness *n.* (קא-רעל′-ע-טיוו-נעם) דאס בעציהען זיך איינער אויף'ן אנדערען; די געגענזייטיגע שייכות פון זאכען, וואס געפינען זיך אין א געוויסער פערבינדונג.

correspond′ *v.* (קאר-ע-ספאנד′) ענטשפרעכען, זיין צוגעפאסט צו עפעס; זיין אין דעם זעלביגען ערך ווי אן אנדער זאך; איבעראיינשטימען; קארעספאנדירען, בריעף שרייבען איינע צו די אנדערע.

correspon′dence *n.* (קאר-ע-ספאנ′-דענם) ענטשפרעכונג, צוגעפאסטקייט איינע צו די אנדערע; גלייכקייט, איבעראיינשטימונג; בריעף-וועקסעל; קארעספאנדענץ: פריינדליכע בעציהונגען.

correspon′dency *n.* (קאר-ע-ספאנ′-דענ-סי) ז. *correspondence*

correspon′dent *a. and n.* (קאר-ע-ספאנ′-דענט) פאסענד; געהעריג; א קארעספאנדענט; איינער מיט וועמען מען פיהרט אן געוויסע בעציהונגען דורך בריעף-וועקסעל.

correspon′dently *adv.* (קאר-ע-ספאנ′-דענט-לי) דורך צופאסען איינע צו די אנדערע; דורך בריעף-וועקסעל.

correspon′ding *a.* (קאר-ע-ספאנ′-דינג) 1. ענטשפרעכענד; 2. שטעהענדיג אין דערזעלבער בעציהונג; 3. זייענדיג צוגעפאסט איינער צום אנדערען; 4. אנפיהרענדיג א בריעף-וועקסעל.

2. We have **corresponding** positions in different offices. 4. We have been **corresponding** for some years.

correspon′ding an′gles (קאר-ע-ספאנ′-דינג ענגלז) אין געאמעטריע — קארעספאנדירענדע אדער געגענאיבערליעגענדע ווינקלען [ווי די ווינקלען 1 און 5 אדער 3 און 7 אין דער צייכנונג].



Corresponding Angles

correspon′ding clerk (קאר-ע-ספאנ′-דינג קלוירק) אן אנגעשטעלטער אין א קאנטאר, וואס פיהרט די קארעספאנדענץ.

correspon′dingly *adv.* (קאר-ע-ספאנ′-דינג-לי) אויף א צוגעפאסטען שטייגער; ענטשפרעכענד.

correspon′ding sec′retary (קאר-ע-ספאנ′-דינג סעק′-רי-טע-רי) א סעקרעטער פון א פעראיין וואס פיהרט די קארעספאנדענץ פון פעראיין.

cor′ridor *n.* (קאר′-אי-דאהר) א קארידאר, א דורכגאנג אין א געביידע.

corrigibil′ity *n.* (קאר′-אי-דזשי-ביל′-אי-טי) דאס קענען זיין אויסגעבעסערט [ווי געוויסע שלעכטע מדות וואס קענען אויסגעבעסערט ווערען].

cor′rigible *a.* (קאר′-אי-דזשיבל) וואס קען אויסגעבעסערט אדער פעררריכט ווערען.

cor′rigibleness *n.* (קאר′-אי-דזשיבל-נעם) ז. *corrigibility*

corri′val *n., a. and v.* (קא-ראי′-וועל) א קאנקורענט, איינער וואס שטרייט מיט'ן אנדערען אין דערגרייכען די זעלביגע זאך; קאנקורירענד; קאנקורירען.

corrob′orant *n. and a.* (קא-ראב′-א-רענט) וואס קרעפטיגט; א מעדיצין צום קרעפטיגען.

corrob′orate *v.* (קא-ראב′-א-רייט) בעקרעפטיגען, בעשטעטיגען [גאנץ אונאבהענגיג זאגען דאס זעלבע וואס איינער האט געזאגט און דערמיט בעשטעטיגען זיינע רייד].

The plaintiff testified. The evidence of five other witnesses **corroborated** his testimony.

corrob′orater *n.* (קא-ראב′-א-ריי-טער) איינער וואס בעשטעטיגט אדער בעקרעפטיגט [אימעצענס רייד].

corrobora′tion *n.* (קא-ראב-א-ריי′-שאן) דאס בעקרעפטיגען, דאס בעשטעטיגען; עפעס וואס איז בעשטעטיגט.

corrob′orative *n. and a.* (קא-ראב′-א-ריי-טיוו) וואס בעשטעטיגט; וואס קרעפטיגט; א קרעפטיגונגס-מיטעל.

corrob′oratory *a.* (קא-ראב′-א-ריי-טא-רי) וואס קרעפטיגט.

corrode′ *v.* (קא-ראוד′) צופרעסען, אויספרעסען [הויפטזעכליך וועגען כעמישער ווירקונג].

The action of the air tends to **corrode** iron.

corro′dent *a. and n.* (קא-ראו′-דענט) צופרעסענד; א כעמישער שטאף וואס צופרעסט.

corrodibil′ity *n.* (קא-ראו-די-ביל′-אי-טי) דאס וואס קען צופרעסען ווערען [דורך א כעמישער ווירקונג].

corro′dible *a.* (קא-ראו′-דיבל) וואס קען צופרעסען ווערען [דורך א כעמישער ווירקונג].

corrosibil′ity *n.* (קא-ראו-סי-ביל′-אי-טי) ז. *corrodibility*

corro′sible *a.* (קא-ראו′-סיבל) ז. *corrodent*

corro′sion *n.* (קא-ראו′-זשאן) דאס צופרעסען [הויפטזעכליך דורך כעמישע ווירקונג].

corro′sive *a. and n.* (קא-ראו′-סיוו) צופרעסענד; עפעס וואס צופרעסט [ווי א כעמישער שטאף].

corro′sively *adv.* (קא-ראו′-סיוו-לי) דורך צופרעסונג; אויף א צופרעסענדען אדער צושטערענדען אופן; ווי א צופרעסענדער כעמישער שטאף.

corro′siveness *n.* (קא-ראו′-סיוו-נעם). די אייגענשאפט פון קענען צופרעסען; אן אייגענשאפט פון א כעמישען שטאף וואס צופרעסט.

corro′sive sub′limate (קא-ראו′-סיוו סאב′-לי-מייט) קוועקזילבער-כלאריד [אזא כעמישער שטאף וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון גלייכע טיילען פון געוועהנליכע זאלץ און קוועקזילבער].

corrosiv′ity *n.* (קאר-א-סיוו′-אי-טי) ז. *corrosiveness*

cor′rugant *a.* (קאר′-או-גענט) וואס קען

זיך קנייטשען, אדער זיך אויסלעגען אין פאלדען; וואס קען צוזאמענגעשרומפען ווערען.

cor'rugate *v. and a.* (קאר'-או-גייט) צוקנייטשען; אויסלעגען אין פאלדען; צוקנייטשט, אויסגעלעגט אין פאלדען, צוזאמענגעשרומפען.

cor'rugated *a.* (קאר'-או-גיי-טעד) געקנייטשט, צוזאמענגעשרומפען.

cor'rugated pa'per (קאר'-או-גיי-טעד פיי'-פער) דיקעס, שארטטקעס פאקפאפיער, געקנייטשט אין פאלדען, אום עס צו מאכען עלאסטיש.

corruga'tion *n.* (קאר-או-גיי'-שאן) קנייטשונג; א קנייטש; דאס זיין געקנייטשט אדער אין פאלדען.

cor'rugator *n.* (קאר'-או-גיי-טאר) אין מעדיצין — א מוסקעל וואס ציהט צונויף אין קנייטשען [ווי למשל דער אויגענברעמען־מוסקעל].

corrupt' *v. and a.* (קא-ראפט') קארופטירען, פערדארבען, ברייגגען צו א צושטאנד פון פוילען; פערפעלשען; אראבפיהרען פון גוטען וועג; אונטערקויפען; געבען שוחד; אנשטעקען, פערגיפטען [מיט קראנקהייטען]; ווערען קארופט; ווערען אונריין, פערדארבען, פערפוילט; פערדארבען; אונעהרליך; אראבגעפיהרט פון גוטען וועג; אונטערגעקויפט; פערפעלשט; פאלש.

corrup'ted *a.* (קא-ראפ'-טעד) פערדארבען; אונריין, פערפעלשט; אונטערגעקויפט; אראבגעפיהרט פון גוטען וועג.

corrup'ted prac'tice (קא-ראפ'-טעד פרעק'-טיס) שוחד, בעשטעכונג, דאס אונטערקויפען אימיצען, דאס זיין אונטערגעקויפט.

corrup'ter *n.* (קא-ראפ'-טער) פערדערבער, פערפיהרער; פערפעלשער.

corruptibil'ity *n.* (קא-ראפ-טי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט, מעגליכקייט אדער נייגונג צו ווערען פערדארבען, פערפיהרט, פערפעלשט אדער אונטערגעקויפט.

corrup'tible *a.* (קא-ראפ'-טיבל) וואס קען ווערען פערפעלשט, פערדארבען אדער פערפוילט; וואס קען ווערען קארופט, וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון גלייכען וועג; וואס קען אונטערגעקויפט ווערען.

corrup'tibleness *n.* (קא-ראפ'-טיבל-נעס) דאס קענען פערדארבען ווערען אדער פערפעלשט ווערען; די נייגונג אנצונעהמען שוחד, מאראליש פערדארבען ווערען.

corrup'tibly *adv.* (קא-ראפ'-טי-בלי) אויף א פערדארבענדען אופן; דורך פערפעלשונג; דורך שוחד.

corrup'tion *n.* (קא-ראפ'-שאן) קארופציאן; פערדארבונג; פערדארבענהייט; דאס פוילען; דאס פערפעלשען; פעלשונג; אונעהרליכקייט; אונריינקייט; דאס זיין אדער דאס ווערען אונטערגעקויפט; שוחד; אייטער פון א וואונד; דער שאנדפלעק, וואס א פערברעכער ברייגנט דורך זיין פערברעכען די פאמיליע.

corrup'tionist *n.* (קא-ראפ'-שאנ-איסט) א פערטיידיגער פון קארופציאן אדער פון מאראלישער פערדארבענהייט; איינער וואס גיט שוחד [כבאר].

corrup'tive *a.* (קא-ראפ'-טיוו) קארופטירענד, וואס האט די פעהיגקייט צו פערדארבען אדער אנצושטעקען [מיט א קראנקהייט].

corrupt'less *a.* (קא-ראפט'-לעס) וואס קען ניט קארופטירט ווערען; וואס קען ניט פערדארבען ווערען; עהרליך.

corrupt'ly *adv.* (קא-ראפט'-לי) אויף א פערדארבענעם אדער פערדארבענדען אופן; דורך אונעהרליכקייט; דורך קריגען כאבאר אדער זייטיגע אונגעזעצליכע און אונעהרליכע הכנסות פון אן אמט.

corrupt'ness *n.* (קא-ראפט'-נעס) דאס זיין קארופטירט, פערדארבען, אונעהרליך; דאס זיין פויל אדער פערפעלשט.

corrupt'ress *n.* (קא-ראפט'-רעס) איינע וואס פערדארבט, פיהרט אראב פון דרך הישר.

cor'sac *n.* (קאהר'-סעק) דער קארסאק [א סטעפען־פוקס].

cor'sage *n.* (קאהר'-סאזש) א קארסאזש [דער אויבערשטער טייל פון א פרויענקלייד פון דער טאליע ביז'ן האלז, אויסער די ארבעל].

cor'sair *n.* (קאהר'-סעהר) א ים־רויבער; א רויבער־שיף; אזא פיש.

cor'sak *n.* (קאהר'-סעק) ז. *corsac*

corse *n.* (קאהרס) א מת; א טויטער קערפער [הויפטזעכליך פון א מענשען].

cor. sec. אן אבקירצונג פון *corresponding secretary*

corse'let *n. and v.* (קאהרס'-לעט) א פאנצער־קלייד; א ברוסט־פאנצער; דער טייל פון קערפער ביי אינזעקטען, וואו עס געפינען זיך די פליגעלעך און די פיסלעך; ארומנעהמען מיט א פאנצער אדער ווי מיט א פאנצער.

cor'set *n. and v.* (קאהר'-סעט) א קארסעט; איינשנורעווען אין א קארסעט.

cors'let *n. and v.* (קאהרס'-לעט) ז. *corselet*

cors'ned *n.* (קאהרס'-נעד) א געהייליגט שטיקעל ברויט אדער קעז, וואס מען פלעגט אין ענגלאנד אין מיטעלאלטער געבען אויפעסען א בעשולדיגטען, אום אויסצוגעפינען, אויב ער איז שולדיג [מען האט דאן געגלויבט, אז אויב דער בעשולדיגטער איז ווירקליך שולדיג, וועט ער פון דעם שטיקעל ברויט אדער קעז קראנק ווערען].

cors'sy *a.* (קאהר'-סי) קארופט.

cortège' *n.* (קאהר-טייזש') א סוויטע; בעגלייטונגס־בעדיענטע; א פראצעסיאן; א פראצעסיאן ביי א לויה.

Cor'tes *n.* (קאהר'-טעס) דער שפאנישער אדער פארטוגעזישער פארלאמענט.

crux *n.* (קראקס) א קרייץ; דער קרייץ [אלס פייניגונגס-מיטעל]; עטוואס וואס פייניגט אדער ברייניגט אין פערלעגענ-הייט; א רעטעניש; עטוואס וואס איז רעטזעלהאפט.

Crux *n.* (קראקס) [א דאס זיד-קרייץ] געוויסע צונויפשטעלונג פון שטערען אין הימעל].

cry *v. and n.* (קראי) שרייען; אויס-שרייען; אויסרופען; וויינען; קלאגען אויף'ן קול; עפענטליך ערקלערען, עפענט-ליך בעשולדיגען; א געוויין; א קלאג; א געשריי, אן אויסגעשריי; א רוף, אן אויסרוף; אן עפענטליכע ערקלערונג; אן עפענטליכע בעשולדיגונג; א מחנה הינט; א קאמפאניע [אין פערערטליכען זין]; א קריגס-רוף; א שלאג-ווארט; דער גע-רויש וואס קומט פון בוינען קופער-בלעך.

cry af'ter (קראי עפ'-טער) וויינען פאר בענקעניש נאך עפעס.

cry against' (קראי ע-גענסט') טאדלען אדער דראהען אויף'ן קול.

Arise, go to Nineveh, . . . and cry against it.

cry'-ba'by *n.* (קראי'-ביי'-בי) א צו-פיעשטשעטער, א צובאלעוועטער, איינער וואס וויינט ביי דער קלענסטער געלעגענ-הייט.

cry back (קראי בעק) געהן נאך די שפורען צוריק אדער זיך צוהערען צו דעם געגרויש פון הינטען [אויף יאגד]; ווע-רען עהנליך צו די אור-עלטערען [וועגען בהמות].

cry before' hurt (קראי בי-פאור' הורט) שרייען גלאט אין דער וועלט אריין; מיר נישט דיר נישט שרייען.

cry down (קראי דאון) מאכען א שלעכ-טען נאמען אימעצען; ארויסלאזען א שם-רע; פערווערען א זאך.

cry for the moon (קראי פאר מהי מוהן) וועלען דאס טעלערעל פון הימעל.

cry'ing *a.* (קראי'-אינג) 1. וויינענדיג, טרויעריג; 2. אונערטרעגליך; הימעל-שרייענד.

1. She sang a crying song. 2. The conviction of the prisoner was a crying injustice.

cry'ing-drunk *a.* (קראי'-אינג-דראנק) שכור ווי לוט.

cry'ing e'vil (קראי'-אינג איוול) א הי-מעל-שרייענדער פעהלער אדער איבעל.

The crying evils in our government must be promptly remedied.

cry'olite *n.* (קראי'-א-לאיט) קריאליט [א מינעראל וואס געפינט זיך אין גרענ-לאנד און אין אוראל, ווערט בענוצט צו פאבריצירען סאדע און אלומיניום].

cryoph'orus *n.* (קראי-אפ'-א-ראס) א וואסער-פריערער [אן אינסטרומענט, וועלכער בעווייזט ווי אזוי וואסער קיהלט זיך אב און פריערט].

cry out (קראי אוט) א געשריי טהאן; שרייען אויף א קול; קלאגען זיך.

crypt *n.* (קריפט) א קעלער אין א הויז; א סקלעפ; דער סקלעפ אין א קירך, וואס ווערט בענוצט פאר קברים און מאנומענ-טען; אין אנאטאמיע — דריזען אין דער פארם פון זעקעלעך אדער בייטעלעך.

cryp'tic *a.* (קריפ'-טיק) בעהאלטען, פער-

בארגען; מיט א האלבען מויל, ניט דער־
רעדט.
The statement given by the editor seemed a cryptic utterance.
cryp'tical *a.* (קריפ׳-טי-קעל)
.ז *cryptic*
cryp'tically *adv.* (קריפ׳-טי-קעל-אי)
בסוד; בעהאלטענערהייט.
cryp'togam *n.* (קריפ׳-טא-געם) א פלאנ־
צע פון דעם מין קריפטאגאמען.
.ז *Cryptogamia*
Cryptoga'mia *n.* (קריפ-טא-גיי׳-מי-א)
די קריפטאגאמען [די אלע מינים פון ני־
דעריגע פלאנצען, וועלכע בליהען ניט, נאר
ווערען בעפרוכטעט דורך ספארען אדער
מיקראסקאפישע צעלען].
cryptogam'ic *a.* (קריפ-טא-געמ׳-איק)
וואס איז שייך צו די קריפטאגאמען.
.ז *Cryptogamia*
cryp'togram *n.* (קריפ׳-טא-גרעם) א
שריפט וואס איז געשריבען מיט געהיימע
צייכענס [שיפער], וועלכע זייטיגע מענ־
שען קענען ניט פערשטעהן.
cryp'tograph *n.* (קריפ׳-טא-גרעף) א
געהיימע שריפט; א שיפער־כתב; די מע־
טאדע צו שרייבען מיט א שיפער.
cryptograph'ic *a.* (קריפ-טא-גרעפ׳-
איק) געשריבען אין א געהיימע שריפט;
וואס ווערט בענוצט צו שרייבען אין א
געהיימע שריפט.
cryptograph'ical *a.* (קריפ-טא-גרעפ׳-
איק-על) .ז *cryptographic*
cryptog'raphy *n.* (קריפ-טאג׳-רע-פי)
דאס שרייבען שיפרירט; א געהיימער שי־
פער.
cryptol'ogy *n.* (קריפ-טאל׳-א-דזשי)
שיפער־כתב, ציפער־שריפט, געהיימע
שפראך.
cryp'tonym *n.* (קריפ׳-טא-נים) א גע־
היימער נאמען [א נאמען וואס איינער
האט אין א געהיימע געזעלשאפט א. ד. ג.].
crys'tal *n. and a.* (קריס׳-טעל) קריס־
טאל, קריסטאל־גלאז; אין כעמיע און מי־
נעראלאגיע — א קריסטאל [א הארטער
פיעלקאנטיגער און סימעטריש געבויטער
קערפער, וועלכער בילדעט זיך אויס דורך
די מאלעקולארע בעוועגונג פון שטאף. די
איינפאכסטע טיילעלכער פון זאלץ, צוקער,
גראניט א. ד. ג. זיינען קריסטאלען]; פון
קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג.
crys'tal-form *a.* (קריס׳-טעל-פארם)
קריסטאל־פערמיג, אין דער פארם פון א
קריסטאל.
crys'tal-glass *n.* (קריס׳-טעל-גלעס)
קריסטאל־גלאז.
crystal'lic *a.* (קריס-טעל׳-איק) וואס
איז שייך צו קריסטאל אדער צו קריסטא־
ליזירונג.
crystallif'erous *a.* (קריס-טע-ליפ׳-ע-
ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קריסטאלען.
crys'tallin *n.* (קריס׳-טע-לין) איי־ווייס־
סער שטאף וואס געפינט זיך אין דער
קריסטאל־לינז פון אויג; אין כעמיע —
אנילין [א פעטליכע זעהר גיפטיגע פלי־
סיגקייט וואס געפינט זיך אין טער (דזע־
געכץ) פון שטיין־קויהלען].
crys'talline *n. and a.* (קריס׳-טע-לין)
וואס בעשטעהט פון קריסטאל; וואס איז
שייך צו קריסטאלען אדער צו קריסטאלי־
זירונג; וואס האט זיך אויסגעבילדעט דורך
קריסטאליזאציאן; וואס איז עהנליך צו
קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג; א פעלז וואס
האט זיך אויסגעבילדעט טיילווייז אדער
אינגאנצען דורך קריסטאליזאציאן.
.ז *crystallization*

crys'tallisable *a.* (קריס׳-טע-לאי-
זעבל) .ז *crystallizable*
crystallizabil'ity *n.* (קריס-טע-לאי-
זע-ביל׳-אי-טי) דאס קענען קריסטאליזירט
ווערען.
crys'tallizable *a.* (קריס׳-טע-לאי-
זעבל) וואס קען קריסטאליזירט ווערען.
.ז *crystallization*
crystalliza'tion *n.* (קריס-טע-לי-זיי׳-
שאן) קריסטאליזאציאן [א פראצעס וואס
בעשטעהט דעריין, וואס די מאלעקולען פון
א פליסיגען שטאף אדער גאזען נעהמען
אן בעשטימטע, רעגעלמעסיגע קריסטאל־
פארמען, ווען זיי פעררדיכטען זיך דורך אב־
קיהלונג אין א פעסטען קערפער]; די
קריסטאליזירטע מאסע.
crys'tallize *v.* (קריס׳-טע-לאיז) קריס־
טאליזירען; זיך קריסטאליזירען; אננעה־
מען רעגעלמעסיגע, בעשטימטע פארמען.
.ז *crystallization*
crys'tallizer *n.* (קריס׳-טע-לאי-זער)
דאס וואס ווירקט אויף דער קריסטאליזי־
רונג פון א זאך.
crystallog'raphy *n.* (קריס-טע-לאג׳-
רע-פי) קריסטאלאגראפיע [די לעהרע
וועגען קריסטאלען, וועגען זייער אויסביל־
דונג און פארמען].
crys'talloid *n. and a.* (קריס׳-טע-
לאיד) וואס איז עהנליך צו א קריסטאל;
איינע פון די שטאפען [ווי זאלץ, צוקער
א. ד. ג.], וועלכע קענען דורכגעהען דורך
א דיקע צייג, ווי פארמעט־פאפיער, ווען
זיי זיינען פאנאנדערגעלאזען אין א פלי־
סיגקייט; שטאף פון איי־ווייס אין דער
פארם פון א קריסטאל, וואס געפינט זיך
אין צעלע פון א פלאנצע.
crystallol'ogy *n.* (קריס-טע-לאל׳-א-
דזשי) קריסטאלאגיע [די וויסענשאפט ווע־
גען די קערפערס אין דער אונארגאנישער
נאטור אויף וויפיעל זיי בילדען זיך אויס
אין דער פארם פון קריסטאלען].
crys'tallotype *n.* (קריס׳-טע-לא-טאיפ)
א מין פאטאגראפיע אויף גלאז.
cry the bans (קראי טהי בענז) אויס־
רופען אין קירך די נעמען פון פערלאבטע
[חתן־כלה], מיט דעם ציעל טאמער וועט
זיך ארויסרופען איינער וואס האט א טענה
געגען דעם שידוך; אויסשרייען וויפיעל
מען באט אן אויף אן אויקציאן.
cry to (קראי טו) רופען צו... זיך בעטען
ביי אימעצען.
cry up (קראי אפ) אויף א קול אויס־
לויבען, ריהמען אימיצען; מעהר אנבא־
טען, טרייבען פרייזען אין דער הויך אויף
אן אויקציאן [ליצעטאציע].
cry wolf (קראי הוואולף) א פאלשע טרע־
וואגע מאכען.
C. S. A. ראשי תבות פון די ווערטער
Confederate States of America
cten'oid *n. and a.* (טענ׳-איד) קאם־
ארטיג, ווי א קאם [בנוגע צו געוויסע פיש,
ביי וועלכע דער רוקען איז אויסגע־
זעצט מיט שטאכלען ווי א קאם אדער דאס
מויל איז אויסגעזעצט מיט צייהנער ווי א
קאם]; א פיש פון דיעזען מין.
ctenoi'dean *a.* (טע-נאי׳-די-ען) וואס
איז שייך צו דעם מין פיש, ביי וועלכע
דער רוקען איז בעזעצט מיט שטאכלען אין
דער פארם פון א קאם.
Ctenoi'dei *n.* (טע-נאי׳-די-אי) דער מין
פיש, ביי וועלכע דער רוקען איז בע־
זעצט מיט שטאכלען אין דער פארם פון
א קאם.

ctenoi'dian *a.* (טע-נאי׳-די-ען)
.ז *ctenoidean*
cub *n. and v.* (קאב) א יונגע פיער־
פיסיגע חיה [מייסטענס א יונגער בער,
וואלף, פוקס]; א שטאל פאר בהמות; א
קאסטען, א זאסיק; א געשיר־אלמער; א
גראבער יונג, א מוזשיק; א יונגער רע־
פארטער; קינדלען [ביי חיות].
cu'bage *n.* (קיו׳-בעדזש) .ז *cubature*
Cu'ban *n. and a.* (קיו׳-בען) וואס איז
שייך צו קובא [איינער פון די גרויסע
וועסט־אינדישע אינזלען]; א געבארענער
אדער א בירגער פון קובא.
cuba'tion *n.* (קיו-ביי׳-שאן)
.ז *cubature*
cu'bature *n.* (קיו׳-בע-טשור) דאס אויס־
געפינען די קוביק־מאס פון א קערפער.
cub'by *n. and a.* (קאב׳-אי) קליין, אבער
זעהר בעקוועם; אן אלקערעל, א צימערעל;
א שטרויענער קארב וואס מען טראגט צו־
געבונדען צום רוקען.
cub'byhole *n.* (קאב׳-אי-האול) אן אל־
קערעל, א צימערעל; זעהר א קליין שטי־
בעלע.
cub'by-house *n.* (קאב׳-אי-האוס) א
קליין שטיבעלע וואס קינדער בויען אויף
צום שפיעלען זיך.
cube *n. and v.* (קיוב)


Cube

א קוב [א רעגעלמעסי־
גער קערפער, וואס האט
זעקס גלייכע קוואדראט־
זייטען]; די קוביק־
צאהל [א צאהל וואס
מען בעקומט ווען מען
כפל׳ט א צאהל דריי
מאל אויף זיך אליין; 125 איז דער קוב
פון 5, 27 — פון 3]; כפל׳ען א צאהל דריי
מאל אויף זיך אליין, ווי 5×5×5=125.
cu'beb *n.* (קיו׳-בעב) קובעבע [א מין
פעפער, וואס וואקסט אין אסט־אינדיען און
דיענט אלס רפואה צו געוויסע קראנקהיי־
טען].
cube'-ore *n.* (קיוב׳-אור) ארסעניק־
זויערעס אייזען [א מין מינעראל, וואס
קריסטאליזירט זיך אין קובישע קריסטא־
לען מיט א גרינליכען קאליר].
cube root (קיוב רוהט) דער קוביק־
ווארצעל [די צאהל, וואס ווען זי ווערט
גע׳כפל׳ט דריי מאל אויף זיך אליין, ביל־
דעט זי א קוב, ווי 3 איז דער קוביק־
ווארצעל פון 27, 5 איז דער קוביק־ווואר־
צעל פון 125].
cube'-spar *n.* (קיוב׳-ספאר) ניפס וואס
האט אין זיך ניט קיין וואסער.
cu'bic *n. and a.* (קיו׳-ביק) וואס האט
די פארם פון א קוב; וואס קען געמאסטען
ווערען אין דער לענג, אין דער הויך און
אין דער ברייט; אין מאטעמאטיק — א
קובישע גלייכונג.
cu'bica *n.* (קיו׳-בי-קא) א לייכטער,
פיינער וואל־שטאף.
cu'bical *a.* (קיו׳-בי-קעל) וואס איז שייך
צו א קוב; קוב־פערמיג. .ז *cube*
cu'bical foot (קיו׳-בי-קעל פוט) א
קוביק־פוס [א מאס וואס איז איין פוס
אין דער לענג, אין דער ברייט און אין
דער הויך].
cu'bically *adv.* (קיו׳-בי-קעל-אי) אין
דער פארם פון א קוב; בנוגע צו א קוב.
cu'bicalness *n.* (קיו׳-בי-קעל-נעס) דאס
זיין אין דער פארם פון א קוב. .ז *cube*
cu'bical num'ber (קיו׳-בי-קעל נאמ׳-
בער) א קוביק־צאהל [א צאהל וואס ווערט
גע׳כפל׳ט אויף זיך דריי מאל].

cubic'ular *n. and a.* (קיו-ביק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שלאפצימער; פרי־וואט; א קאמער־הערר.

cubic'ulum *n.* (קיו-ביק'-יו-לאם) א קליין אונטעראירדיש צימערל צו בע־האלטען טויטע, א קאטאקאמב; א בעזונ־דערע אבטיילונג פון א קירך, וואו מען בעהאלט טויטע.

cu'biform *a.* (קיו'-בי-פארם) וואס האט די פארם פון א קוב.

cu'bit *n.* (קיו'-ביט) אן עלענבויגען; עלענבויגען־ביין; אן אייל [א מאס, 18—22 צאל, געברויכט אין עגיפטען, רוים א. ד. ג.].

cu'bital *a.* (קיו'-בי-טעל) וואס איז שייך צום עלענבויגען; וואס האלט אן אייל אין דער לענג.

cu'bit-fash'ion *adv.* (קיו'-ביט-פעש'-אן) מעסטענדיג מיט'ן אייל [די לענג פון האנד פון עלענבויגען ביז דער האנד־פלע־כע].

cub'less *a.* (קאב'-לעס) קינדערלאז.

cu'bo-cube *n.* (קיו'-באו-קיוב) אין מאטעמאטיק — דער קוב פון א קוב [א צאהל וואס איז זעקס מאל גע'כפל'ט גע־ווארען אויף זיך אליין, ווי למשל, 64 איז דער קוב פון א קוב פון 2].

cu'boid *a. and n.* (קיו'-באיד) וואס איז עהנליך צו א קוב; אין אנאטאמיע — איינער פון די ביינער פון פוס־טרים.

cuboi'dal *a.* (קיו-באי'-דעל) וואס איז עהנליך צו א קוב.

cu'bomancy *n.* (קיו'-בא-מענ-סי) א מין נביאות־זאגען אדער כשוף דורך ווארפען ביינדלעך.

cuck'ing-stool *n.* (קאק'-אינג-סטוהל) א שטראף־שטוהל פאר שלעכטע ווייבער אדער אונארענטליכע סוחרים, אין מיטעל־אלטער [דעם בעשולדיגטען פלעגט מען צובינדען צו א שטוהל און ארויסשטעלען צו שאנד פאר'ן עולם. אפט פלעגט מען דעם שטוהל מיט דעם צוגעבונדענעם מענ־שען ארבלאזען אין וואסער].

cuck'old *n. and v.* (קאק'-אלד) אן אב־געגנארטער מאן [וואס די פרוי איז איהם אונטרייו]; א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי; ברייגנען שאנדע אויף'ן מאן דורך דער אונטרייהייט פון דער פרוי.

cuck'oldom *n.* (קאק'-אל-דאם) דאס זיין אן אבגענארטער מאן, דאס זיין א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי.

cuck'oldry *n.* (קאק'-אלד-רי) טריילא־זיגקייט פון א פרוי צו א מאן.

cuck'oo *n.* (קוק'-אוה) [אזא פויגעל] דער קוקוק; פויגעל וואס לאזט ארויס ביים שרייען דעם קלאנג "קוקו"; א נאר.



Cuckoo

cuck'oo-flow'er *n.* (קוק'-אוה-פלאו'-ער) די קוקוק־בלום.

cuck'oo-pint *n.* (קוק'-אוה-פינט) אזא פלאנצע.

cuck'oo-song *n.* (קוק'-אוה-סאנג) אן אלטע, אויסגעדראשענע געשיכטע.

cuck'oo-spit *n.* (קוק'-אוה-ספיט) דער קוקוק־שפיי, אזא פליסיגקייט, וואס איי־ניגע אינזעקטען לאזען ארויס פון זייערע קערפער אויף פלאנצען; אן אינזעקט וואס טיילט אויס דיעזע פליסיגקייט פון קערפער.

cuck'oo-spit'tle *n.* (קוק'-אוה-ספיטל) ז. *cuckoo-spit*.

cucul'late *a.* (קיו-קאל'-אייט) בעדעקט מיט א קאפושאן, מיט א קאלפאק אדער מיט א מיצעל.

cucul'lated *a.* (קיו-קאל'-איי-טעד) ז. *cucullate*.

cucul'lus *n.* (קיו-קאל'-אס) א קאפו־שאן, א קאלפאק, א מיצעל; די טיילען פון קאפ ביי חיות אדער די אויבערשטע טיילען פון בלומען וואס זעהען אויס ווי א קאלפאק.

cu'cumber *n.* (קיו'-קאמ-בער) אן אוי־גערקע.

Cucumber

cu'cumiform *a.* (קיו'-קיו-מי-פארם) וואס זעהט אויס ווי אן אוגערקע.

cucur'bit *n.* (קיו-קויר'-ביט) א קאלבע [אזא גלעזערנע כלי פון א כעמיקער] וואס זעהט אויס ווי א קירבים; א קיר־בים־פערמיגע כלי; א פלאנצע פון דעם קירבים [ארבוז]־מין.

cucurbita'ceous *a.* (קיו-קויר-בי-טיי'-שיאס) קירבים־ארטיג [וועגען פלאנצען].

cucur'bite *n.* (קיו-קויר'-ביט) ז. *cucurbit*.

cucur'bitive *a.* (קיו-קויר'-בי-טיוו) וואס זעהט אויס ווי א קירבים־קערענדעל [הויפטזעכליך וועגען ווערים].

cud *n.* (קאד) די שפייז, וואס קומט צוי־ריק ארויף פון פאדערשטען מאגען אין מויל און ווערט נאך אמאל איבערגעקייעט [ביי חיות וואס זיינען מעלה גרה].

The cow is one of the animals that chew the cud.

cud'bear *n.* (קאד'-בעהר) א מין פלאנצע פון וועלכער מען מאכט א מין פורפור־פארב; דער רויטער אינדיגא, א פולווער צום פארבען [וואס ווערט גענומען פון דער דערמאהנטער פלאנצע].

cud'den *n.* (קאדן) דער קויהל־פיש.

cud'dle *v. and n.* (קאדל) ארומנעהמען, צערטלען; זיך צוטוליען; אומארמונג.

cud'dy *n.* (קאד'-אי) אן עזעל; א נאר; א קלאון; אזא העבעל אדער בראך־שטאנג אויפצוהויבען שטיינער; אן עס־צימער אויף א שיף פאר די העכערע שיפס־בע־אמטע און די פאסאזשירען פון ערשטער און צווייטער קלאסע; א קיך אויף באר־זשעס; א שפייז־קאמער; א שפייז־שראנק; א קויהל־פיש.

cudg'el *n. and v.* (קאדזש'-על) א קור־צער, גראבער שטעקען, א דראנג [גענוצט אלס וואפען]; שלאגען [הויפטזעכליך, שלאגען מיט א דראנג].

cudg'eler *n.* (קאדזש'-על-ער) איינער וואס שלאגט מיט א שטעקען.

cudg'eling *n.* (קאדזש'-על-אינג) דאס שלאגען מיט א שטעקען.

cudg'eller *n.* (קאדזש'-על-ער) ז. *cudgeler*.

cudg'elling *n.* (קאדזש'-על-אינג) ז. *cudgeling*.

cudg'el one's brains (קאדזש'-על וואנז ברייגז) זיך צוברעכען דעם קאפ [טראכטענדיג וועגען עפעס].

cudg'el-play *n.* (קאדזש'-על-פליי) א געוועסער מיז געפעכט מיט שטעקלעך.

cudg'el-proof *a.* (קאדזש'-על-פרוהף) וואס עס נעהמט איהם קיין קלאפ נים.

cud'weed *n.* (קאד'-הוויעד) א מין פלאנ־צע, פון וועלכער מען מאכט א מין פור־פור־פארב; דער רויטער אינדיגא. ז. *cudbear*.

cue *n.* (קיו) [ביי חיות] אן עק; עטוואס וואס העגנט אראב [ווי א לאק האר]; א ביליארד־שטעקען; מענשען וואס ווארטען אויף זייער רייה [אטשערעד]; די ווער־טער צו ענדע פון איין אקטיאר'ס רעדע, וואס דיענען אלס צייכען פאר א צווייטען אקטיאר, אז ער דארף אנהויבען צו ריי־דען; נאטען, וואס האבען דעמזעלבען צוועק ביי זינגער אדער שפיעלער; די ראלע, די בעשטימטע האנדלונג; שטימונג; א וואונק, אן אנצוהערעניש; דער נאמען פון דעם בוכשטאב q; עטוואס וואס איז ווייניג ווערטה; א קליינע צאהל אדער מאס.

cue'-ball *n.* (קיו'-באהל) א ביליארד־באל וואס מען האט א שטויס געטהאן מיט'ן ביליארד־שטעקען [אין געגענזאץ צו די איברינגע].

cue'ist *n.* (קיו'-איסט) א ביליארד־שפיעלער.

cue'-rack *n.* (קיו'-רעק) א געשטעל פאר ביליארד־שטעקענס.

cuer'po *n.* (קהווער'-פאו) דאס לייב, דער קערפער; קליידער וואס מען טראגט ביים לייב.

cuff *n. and v.* (קאף) א קלאפ מיט דער אפענער האנד אדער מיט'ן פויסט; א מאנ־זשעט; דער געניק, דער נאקען; שלאגען; פאטשען.

cuf'fy *n.* (קאפ'-אי) א שפאטישער נא־מען פאר נעגערס אין אמעריקא.

cuin'age *n.* (קהווינ'-עדזש) דאס אויס־גיסען צין אין שטיקער.

cuirass' *n.* (קהווי-רעס') א קיראסע [א פאנציר, וואס בעדעקט די ברוסט און דעם רוקען]; א ברוסט־שילד [ביי געווי־סע חיות].

cuirassier' *n.* (קהווי-רע-סיער') א קי־ראסיר [א רייטענדער סאלדאט בעפאנ־צערט מיט א ברוסט־שילד].

cuish'es *n.* (קהוויש'-עז) א פאנצער, אי־בערהויפט אויף די היפטען [קלובעס].

cuisine' *n.* (קהווי-זין') א קיך; די קיך־אבטיילונג פון א הויז אדער האטעל; די מעטאדע פון קאכען.

That hotel is noted for its cuisine.

cuiss'es *n.* (קהווים'-עז) ז. *cuishes*.

cul'-de-sac' *n.* (קוהל'-דע-סעק') א זאק־געסעל [א געסעל וואס איז אפען נאר פון איין זייט]; א פאסטקע; א חלל [אן אויסהוילונג] אין קערפער ווען ער איז אפען פון איין זייט; די לאגע פון אן אר־מעע ווען זי איז ארומגערינגעלט פון פיינד.

culic'iform *a.* (קיו-ליס'-אי-פארם) וואס זעהט אויס ווי א מיק [קאמארע].

cu'linary *a.* (קיו'-לי-נע-רי) קולינאריש, וואס איז שייך צו דער קיך אדער צו דער

קונסט פון קאכען; וואס ווערט געברויכט אין קיך אדער ביים קאכען.

She was mistress of all **culinary** secrets.

cu'linary salt (קיו'-לי-נע-רי סאהלט) קאכזאלץ.

cull *v. and n.* (קאל) זאמלען, קלייבען; אויסקלייבען; אבגעקליבענעס; א נאר, א תם.

The volume is a collection of poems **culled** from the ancient poets.

cul'lender *n.* (קאל'-ען-דער) א זייער, א פילטער, א זיפ.

cul'ler *n.* (קאל'-ער) איינער וואס קלייבט אוים.

cul'let *n.* (קאל'-עט) שטיקלעך צובראכענע גלאז.

cull'ing *n.* (קאל'-אינג) דאס אויסקלייבען; דאס אויסגעקליבענע.

cul'lis *n.* (קאל'-אים) א רעגען=רינע אויף א דאך.

cul'ly *n.* (קאל'-אי) א יאלד, איינער וועמען מען קען לייכט איינריידען אדער אבנארען.

cul'lyism *n.* (קאל'-אי-איזם) תמ'עוואטקייט.

culm *n.* (קאלם) פסולת פון שטיין=קויהלען; אן ערגערער זארט אנטראציט=קויהלען; דינע קויהלען; א גראז=שטענגעל.

culmif'erous *a.* (קאל-מיפ'-ער-אם) אויף וועלכען עס וואקסען פוסטע גראז=שטענגלעך; וואס ענטהאלט קויהלען=שטויב.

cul'minal *a.* (קאל'-מי-נעל) וואס אנבעלאנגט צום העכסטען פונקט; העכסט.

cul'minant *a.* (קאל'-מי-נענט) וואס דערגרייכט דעם העכסטען פונט.

cul'minate *v. and a.* (קאל'-מי-נייט) שטעהן אין'ם מערידיאן, דערגרייכען די גרעסטע הויך [וועגען שטערען]; דערגרייכען די העכסטע שטופע, דעם העכסטען שפיץ; וואס וואקסען אין דער הויך [וועגען קאראלען].

cul'minating *a.* (קאל'-מי-ניי-טינג) דורכשניידענד דעם מערידיאן, זייענד אויף'ן העכסטען פונקט [וועגען שטערען]; דערגרייכענד די העכסטע שטופע.

culmina'tion *n.* (קאל-מי-ניי'-שאן) 1. קולמינאציאן [ווען א שטערען דערגרייכט דעם מערידיאן]; 2. דער העכסטער פונקט, דער שפיץ; די ערגרייכונג פון דעם העכסטען פונקט.

2. Having reached the **culmination** of his career, one blunder destroyed his popularity.

culot'tism *n.* (קיו-לאט'-איזם) די פרינציפען אדער דער איינפלוס פון די העכערע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

cul'pa *n.* (קאל'-פע) א פערזעהן, א טעות.

culpabil'ity *n.* (קאל-פע-ביל'-אי-טי) שולדיגקייט; טאדעלהאפטיגקייט.

cul'pable *a.* (קאל'-פעבל) שולדיג; וואס פערדיענט טאדעל.

Apparently no one was **culpable** for the accident.

cul'pableness *n.* (קאל'-פעבל-נעס) ז. ***culpability***.

cul'pably *adv.* (קאל'-פע-בלי) אויף א טאדעלס=ווערטהען אופן.

cul'patory *a.* (קאל'-פע-טא-רי) וואס בעשולדיגט, וואס טאדעלט.

cul'prit *n.* (קאל'-פריט) איינער וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען; א פערברעכער.

cult *n.* (קאלט) דער קולט, די רעליגיעזע פארמען, מנהגים; גאטעסדיענסט; פערגעטערונג פון א מענשען אדער זאך; די פערעהרונג; די פערזאן אדער זאך וואס ווערט פערגעטערט אדער פערעהרט.

cultch *n.* (קאלטש) די איקרע, די אייערלעך פון אויסטערען; דער גרונט פון ים, וואו אויסטערען געפינען זיך.

cul'tivable *a.* (קאל'-טי-וועבל) וואס קען קולטיווירט אדער בעארבייט ווערען.

cul'tivatable *a.* (קאל'-טי-וויי-טעבל) וואס קען בעארבייט ווערען; פעהיג צו ענטוויקלונג.

cul'tivate *v.* (קאל'-טי-וויים) 1. בעאקערען, בעארבייטען; 2. אויסבילדען, פערעדלען [דעם גייסט], ציוויליזירען; 3. שטארק איבערגעבען זיך צו עטוואס [ווי צו א קונסט=זאך א. ד. ג.].

1. He is **cultivating** land. 2. You should **cultivate** your taste for poetry. 3. History is to be loved and **cultivated** for its own sake.

cul'tivated *a.* (קאל'-טי-וויי-טעד) בעארבייט [וועגען ערד]; קולטיווירט; ערצויגען, אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט פערפיינערט, אויסגעבעסערט.

cultiva'tion *n.* (קאל-טי-וויי'-שאן) ערד=בעארבייטונג; קולטיווירונג, ענטוויקלונג, אויסבילדונג; דאס פראדוצירען פון פלאנצען און תבואות; דאס זיין ענטוויקעלט, געבילדעט, גוט ערצויגען אדער פערפיינערט.

cul'tivator *n.* (קאל'-טי-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ציוויליזירט, ערציהט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער בילדעט אוים; איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך ספעציעל אב מיט עפעס מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער ענטוויקלען; אזא אקער=מאשין.

Cultivator

cul'trate *a.* (קאל'-טרייט) שארף=קאנטיג און שפיציג; וואס איז פון איין זייט דיק און פון דער אנדער זייט שארף [ווי א מעסער].

cul'trated *a.* (קאל'-טריי-טעד) ז. ***cultrate***.

cul'triform *a.* (קאל'-טרי-פארם) שארף=קאנטיג און שפיציג; וואס האט די פארם פון א שארף=ווינקלדיגען דריי=עק, אין וועלכען איין זייט איז קירצער ווי די איבריגע [וועגען קערפער=טיילען ביי חיות].

cultriv'orous *a.* (קאל-טריוו'-א-ראם) שלינגענדיג מעסערם [מאכענדיג קונצען].

cul'turable *a.* (קאל'-טשור-עבל) וואס מען קען קולטיווירען אדער בעארבייטען [וועגען ערד]; וואס קען אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער ערצויגען ווערען.

cul'tural *a.* (קאל'-טשור-על) וואס אנבעלאנגט צו קולטור אדער קולטיווירונג; ציוויליזירט.

cul'ture *n. and v.* (קאל'-טשור) דאס בעארבייטען די ערד; דאס קולטיווירען [חיות און איבערהויפט פלאנצען, מעהרסטענטייל מיט דעם צוועק ארויסצוברייננגען נייע, בעסערע מינים]; קולטור; דאס קולטיווירען; דאס ציוויליזירען; ענטוויקלונג, אויסבילדונג, אויפקלערונג, פערפיינערונג; קולטיווירען, בעארבייטען די ערד; ערציהען, אויסבעסערען, אויסבילדען, ענטוויקלען, פערפיינערען.

cul'tured *a.* (קאל'-טשורד) קולטיווירט, געבילדעט, ענטוויקעלט.

cul'tureless *a.* (קאל'-טשור-לעס) ניט קולטיווירט, ניט ציוויליזירט, ניט געבילדעט, ניט ענטוויקעלט, ניט ערצויגען.

cul'turist *n.* (קאל'-טשור-איסט) איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך אב מיט עפעס [הויפטזעכליך מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער צו ענטוויקלען, ווי מינים חיות אדער פלאנצען]; איינער וואס גלויבט אין דער נויטווענדיגקייט צו פערשפרייטען בילדונג און אויפקלערונג; איינער וואס גלויבט, אז ניט די רעליגיאן, נאר די בילדונג איז די הויפט זאך אין דער מענשליכער ציוויליזאציאן.

cultur'kampf *n.* (קול-טור'-קאמפף) קולטור=קאמפף, דער קאמפף וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון דער דייטשער רעגיערונג [הויפטזעכליך אונטער ביסמארק] געגען דער אריינמישונג פון דער קאטוילישער קירך אין די ענינים פון ערציהונג און רעגיערונג.

cul'tus *n.* (קאל'-טאס) א קולט, א סיסטעם פון א רעליגיעזען גלויבען און פערגעטערונג.

cul'ver *n.* (קאל'-ווער) א טויב; א קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין דעם 16טען יאהרהונדערט [אבקירצונג פון ***culverin***].

cul'verin *n.* (קאל'-ווער-אין) אזא קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין 16טען יאהרהונדערט.

cul'vert *n.* (קאל'-וואירט) אן אונטעראירדישער רינשטאק; אן אונטעראירדישער וועג אדער קאנאל; א רינע.

cul'vertail *n.* (קאל'-וואיר-טייל) א שוואלבען=עק [אזא מין צונויפשליסען ברעטער אדער קלעצער, ווען א קליינער ארויסגעשטארצטער טייל פון איינער וואס איז עהנליך צו א דריי=עק, קומט אריין אין אן אויסשניט פון דער צווייטער].

cul'vertailed *a.* (קאל'-וואיר-טיילד) געשלאסען דורך שוואלבען=עקען [וועגען ברעטער אדער קלעצער]. ז. ***culvertail***.

cum'bent *a.* (קאמ'-בענט) ליעגענדיג.

cum'ber *v. and n.* (קאמ'-בער) בעלעסטיגען, פערוואלגערען, פערצאמען; שטערען, אבהאלטען; צוטומלען, אנטהאן צרות; א שטערונג, פערלעגענהייט, צרות.

cum'bersome *a.* (קאמ'-בער-סאם) בעלעסטיגענד, שטערענדיג; שווער; צרה'דיג; אונבעקוועם; אומגעלומפערט.

The society has a **cumbersome** system of administration.

cum'bersome goods (קאמ'-בער-סאם גודז) סחורות, וואס פערנעהמען צופיעל פלאץ.

cum'bersomely *adv.* (קאמ'-בער-סאם-לי) אויף אן אומגעלומפערטען, אונבעקוועמען אופן; מיט שווערקייט; מיט צרות.

cum'bersomeness *n.* (קאמ'-בער-סאם-נעס) דאס זיין בעלעסטיגענד, שווער, צרה'דיג, אומגעלומפערט אדער אונבעקוועם.

cum'brous *a.* (קאמ'-בראם) בעלעסטיגענד, שטערענדיג, שווער, אונבעקוועם, אומגעלומפערט; וואס פעראורזאכט אונאנגענעהמליכקייטען אדער צרות.

cum'brously *adv.* (קאמ'-בראם-לי) אויף א בעלעסטיגענדען, שטערענדען, אונבעקוועמען אדער אומגעלומפערטען שטייגער; מיט אונאנגענעהמליכקייטען, מיט צרות.

cum'brousness *n.* (קאמ'-בראס-נעס) ז. *cumbersomeness*

cum'frey *n.* (קאמ'-פריי) ז. *comfrey*

cum'in *n.* (קאמ'-) אין) קימעל; קי־מעל־פלאנצע.

Cumin

cum'inol *n.* (קאמ'-אי-נאל) קי־מעל־אויל.

cum'min *n.* (קאמ'-אין) ז. *cumin*

cu'mulate *v.* (קיו'-מיו-לייט) אנ־קלייבנ, אנזאמ־לען, צונויפנעהמען, אנוואַרפען.

cumula'tion *n.* (קיו-מיו-ליי'-שאן) אנזאמלונג; א הויּ־פען; עטוואס וואס איז אנגעזאמעלט אדער אנגעוואָרפען איז א הויפען; דאס פערהאנדלען אין גע־ריכט וועגען עטליכע קלאגען מיט איין מאל.

cu'mulative *a.* (קיו'-מיו-לע-טיוו) אנ־געזאמעלט ביסלעכווייז; וואס קומט צו, וואס בילדעט א מאסע.

cu'mulative ac'tion (קיו'-מיו-לע-טיוו עק'-שאן) אין מעדיצין — די פלוצ־ליכע ווירקונג פון א רפואה, נאכדעם ווי מען האט איהר גענומען אלץ אין קליינע דאזעו, וואס יעדערע בעזונדער האט קיין בעדייטענדע ווירקונג ניט געמאכט.

cu'mulative ar'gument (קיו'-מיו-לע-טיוו אר'-גיו-מענט) אן ארגומענט [א ראיה אין א ויכוח], וועלכער בעשטעהט פון עטליכע בעזונדערע ראיות און אלע צוזאמען פערשטארקען די בעהויפטונג.

cu'mulative ev'idence (קיו'-מיו-לע-טיוו עוו'-אי-דענס) דער בעוויז פון אן ערות, וועלכער בעשטעהט פון עטליכע טיילען און אלע צוזאמען פערשטארקען דעם בעוויז פיעל מעהר איידער יעדער טייל בעזונדער.

cu'mulatively *adv.* (קיו'-מיו-לע-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון אנזאמלען בים־לעכווייז; אנקלייבענדיג אלץ מעהר און מעהר.

cu'mulative offense' (קיו'-מיו-לע-טיוו א-פענס') א פערברעכען וואס בע־שטעהט פון א רייה קרימינעלע טהא־טען פון דעמזעלביגען ארט, וואס זיינען געשעהען אין דעמזעלביגען טאג אדער אין בעזונדערע טעג.

cu'mulative sen'tence (קיו'-מיו-לע-טיוו סענ'-טענס) אזא אורטייל פון גע־ריכט, וואו דער בעשולדיגטער איז פער־משפט צו צאהלען עטליכע געלד־שטראפען מיט אמאל אדער אויסזיצען מיט איין מאל עטליכע סראקען אין טורמע פאר עטליכע קרימינעלע טהאטען פון דעמזעלבען ארט.

cu'mulative vo'ting (קיו'-מיו-לע-טיוו וואו'-טינג) די סיסטעם פון וואהלען, ביי וועלכער יעדער וועהלער האט אזוי פיעל שטימען, וויפיעל מענשען עס דאר־פען זיין אויסגעקליבען אויף דיזען אמט, און דער וועהלער האט דאס רעכט אוועק־צוגעבען אלע זיינע שטימען פאר איין מענשען.

cu'mulose *a.* (קיו'-מיו-לאוס) פול מיט הויפענס, פול אנגעזאמעלט.

cu'mulo-stra'tus *n.* (קיו'-מיו-לאו-סטריי'-טאס) אזא פארם פון א וואלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר אנגעזעצטע וויסע בערגלעך אדער קופעס, וואס ליע־גען אין שיכטען איינע אויף די אנדערע.

cu'mulous *a.* (קיו'-מיו-לאס) וואס האט די פארם פון א וויסען זומער־וואלקען.

cu'mulus *n.* (קיו'-מיו-לאס) א וויסער זומער־וואלקען [א וואלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר אנגעזעצטע קופעס אדער בערגלעך].

cunab'ular *a.* (קיו-נעב'-יו-לאר) וואס איז שייך צום וויגעלע אדער צו דער קינד־הייט.

cu'neal *a.* (קיו'-ני-על) וואס האט די פארם פון א קליו.

cu'neate *a.* (קיו'-ני-אייט) ז. *cuneal*

cu'neated *a.* (קיו'-ני-איי-טעד) ז. *cuneal*

cu'neately *adv.* (קיו'-ני-אייט-לי) אין דער פארם פון א קליו.

cu'neiform *n. and a.* (קיו'-ני-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א קליו; וואס שטודירט דעם קליו־פערמיגען שריפט [כתב היתדות] פון די אלטע כאלדעער; א קליו־פערמיגער בייו.



Cuneiform

cunette' *n.* (קיו-נעט') א קאנאוו, וואס ציהט אב וואסער; א טיפער גראבען ארום א פעסטונג.

cun'ner *n.* (קאנ'-ער) א מין ברוין־בלויליכער פיש [געפינט זיך נעבען אט־לאנטישען ברעג פון די פעראייניגטע שטאאטען].

Cunner

cun'ning *n. and a.* (קאנ'-אינג) פע־היגקייט; קענטשאפט; געניטקייט; כיט־רעקייט; די נאטירליכע פעהיגקייט אדער דער אינסטינקט פון א חיה צו עפעס; פע־היג; געניט; כיטרע; פיקאנט, צוציהענד.

cun'ningly *adv.* (קאנ'-אינג-לי) מעשה קענער; דורך כיטרעקייט; אויף א פיקאנ־טען, צוציהענדען שטייגער.

cun'ning-man *n.* (קאנ'-אינג-מען) א טרעפער, א זנאכער.

cun'ningness *n.* (קאנ'-אינג-נעס) דאס זיין פעהיג אדער כיטרע.

cun'ning snap (קאנ'-אינג סנעפ) א כיטרער יונג, א דורכגעטריבענער קערל.

cun'ning-wom'an *n.* (קאנ'-אינג-הוואומ'-ען) א טרעפעריו, א זנאכערקע.

cup *n. and v.* (קאפ) א בעכער, א טאס, א קובאק; א באנקע; א טרונק; אין קע־סעל פון א דאמפף־מאשין — איינע פון די קאלפאקעס וואס ווערען בענוצט צו פערגרעסערען די הייצונג; שטעלען באנ־קעס; בעלעגט ווערען מיט באנקעס.

cup'-bear'er *n.* (קאפ'-בעהר'-ער) א בעדיענטער ביי א שמחה וואס דערלאנגט די געסט וויין און אנדערע משקאות; אין אמאליגע צייטען — אן אנגעשטעלטער אין די קעניגליכע הויפען אדער ביי אדעליגע, וואס האט בעדארפט פערזוכען דעם וויין, איידער ער האט איהם דערלאנגט צום טיש [שר המשקים].

cup'board *n. and v.* (קאב'-אורד) אן אלמער פאר געשיר אדער שפייז; א בופעט; די קאלעקציאן זילבערנע, גאלדענע אדער גלעזערנע כלים וואס געפינט זיך אויף א בופעט; האלטען אין אן אלמער; אנזאמלען.

cup'board love (קאב'-אורד לאוו) עגאאיסטישע ליעבע, אהבה שתלויה בדבר.

cu'pel *n. and v.* (קיו'-פעל) א קליין שי־סעלע פון אש פון איבערגעברענטע ביינער, אין וועלכער מען שמעלצט גאלד אדער זילבער אום אבצוטיילען עס פון בליי; לייטערען מעטאלען אין אזא שיסעלע.

cupella'tion *n.* (קיו-פע-ליי'-שאן) דאס אבריייניגען גאלד און זילבער פון'ם בליי דורך שמעלצען אין א שיסעלע וואס ווערט געמאכט פון ביינער־אש.

cup'ful *n.* (קאפ'-פול) א פולער בעכער; די מאס פליסיגקייט וואס א בעכער אדער קובאק ענטהאלט אין זיך.

cup'-horse *n.* (קאפ'-הארס) א לויף־פערד, וואס האט געקראגען דעם פרייז אין וועט־לויפען.

Cu'pid *n.* (קיו'-פיד) דער גאט פון ליעבע [אין דער רוימישער מיטאלאגיע].

cupid'ity *n.* (קיו-פיד'-אי-טי) א שטאר־קער חשק [צו געלד אדער מאכט]; א שטארקער גלוסט; גייציגקייט.

cup'-love *n.* (קאפ'-לאוו) עגאאיסטישע ליעבע.

cup of sor'rows (קאפ אוו סאר'-אוז) דער בעכער פון יסורים, צרות.

cu'pola *n.* (קיו'-פא-לא) א קופאל, דער האלב־רונדער דאך פון א געביידע.

cupped *a.* (קאפט) וואס זעהט אויס ווי א בעכער.

cup'per *n.* (קאפ'-ער) דער וואס שטעלט באנקעס.

cup'ping *n.* (קאפ'-אינג) דאס שטעלען באנקעס.

cup'ping-glass *n.* (קאפ'-אינג-גלעס) א באנקעס־גלעזעל וואס א רופא שטעלט.

cu'preous *a.* (קיו'-פרי-אס) וואס איז שייך צו קופער; עהנליך צו קופער; וואס ענטהאלט קופער; פון א קופער־קאליר.

cu'pric *a.* (קיו'-פריק) וואס האט די איינגעשאפטען פון קופער; וואס נעהמט זיך פון קופער.

cuprif'erous *a.* (קיו-פריפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס אדער ענטהאלט קופער.

cu'prite *n.* (קיו'-פראיט) רויטער קופער; קופער־ערץ.

cu'prous *a.* (קיו'-פראס) ז. *cupric*

cu'prum *n.* (קיו'-פראם) קופער [כעמי־שער אויסדרוק].

cups *n.* (קאפס) דאס טרינקען פער־שכור'ענדע משקאות; שכרות.

cup'-shaped *a.* (קאפ'-שייפט) וואס האט די פארם ווי א בעכער.

cup'-shot *a.* (קאפ'-שאט) מלא, שכור'לעך.

cu'pulate *a.* (קיו'-פיו-לייט) וואס זעהט אויס ווי א בעכער.

cu'pule *n.* (קיו'-פיול) א רונדער חלל אדער אויסהוילונג; א בעכער־פערמיגער טייל [אין פלאנצען].

cup'-valve *n.* (קאפ'-וועלוו) א גלא־קען־ווענטיל [אין א דאמפף־מאשין].

cur *n.* (קויר) א הונד; א געמיינער, אל־טער הונד; אן אונערצויגענער יונג, א לומפּענער מענש.

curabil'ity *n.* (קיור-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען געהיילט אדער פערבעסערט ווערען.

cur'able *a.* (קיור'-עבל) וואס קען אויס־געהיילט אדער פערבעסערט ווערען.

cur'ableness *n.* (קיור'-עבל-נעס) ז. *curability*

cur'ably *adv.* (קיור'-ע-בלי) היילבאר; דורך א היילבארען מיטעל.

curaçao' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שאלעכץ].

curaçoa' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שאלעכץ].

cu'racy *n.* (קיו'-רע-סי) דער אמט פון א קוראט. ז. *curate*

cura'ra *n.* (קו-רא'-רא) ז. *curari*

cura're *n.* (קו-רא'-רי) ז. *curari*

cura'ri *n.* (קו-רא'-רי) א שווארצליכע גיפטיגע זאפט פון געוויסע דרום-אמעריקאנישע בוימער [דיענט צו פערגיפטען פיילען ביי די דארטיגע פעלקער].

curas'sow *n.* (קו-רעס'-או) דער האקא-הוהן [אזא שעהנער גרויסער פויגעל וואס געפינט זיך אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא. ער איז פון א דונקעל-וויאלעטען קאליר מיט א גרינליכען גלאנץ אויף'ן קאפ און מיט א ווייסען בויך].

Curassow

cu'rate *n.* (קיו'-רעט) דער קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג].

cu'rateship *n.* (קיו'-רעט-שיפ) ז. *curacy*

cu'rative *n. and a.* (קיו'-רע-טיוו) היילענד; א רפואה.

cu'ratively *adv.* (קיו'-רע-טיוו-לי) דורך היילונג.

cura'tor *n.* (קיו-ריי'-טאר) א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אן אפעקון, אן אפטרופוס.

cura'torship *n.* (קיו-ריי'-טאר-שיפ) דער אמט פון א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אפטרופסות.

curb *n. and v.* (קירב) [פון א פערד]; עטוואס וואס האלט צוריק אדער קאנטראלירט; א רייהע שטיינער ביי א וועג אדער ביי א טראטואר; א געלענדער ארום א ברונעם; א צודעק פון א קעסעל; א געשווילעכטס אויף א פערד'ס פוס; האלטען אין צוים; איינהאלטען, קאנטראלירען; בעפעסטיגען אדער בעשיצען מיט א געלענדער, מיט א וואנד אדער מיט אנגעשאטענער ערד אדער שטיינער.

cur'bable *a.* (קירב'-בעבל) וואס קען איינגעהאלטען ווערען, וואס קען איינגעצוימט ווערען.

curb'-bit *n.* (קירב'-ביט) דאס אייזען-דעל פון צוים ביים פערד אין מויל.

curb'-chain *n.* (קירב'-טשיין) א קייט, וואס דארף איינהאלטען די בעוועגונג פון א מעכאניזם.

curb'ing *n.* (קירב'-אינג) שטיינער ביי דער זייט פון א טראטואר.

curb'less *a.* (קירב'-לעס) אהן א צוים.
The teacher unfortunately had a curbless temper.

curb'-roof *n.* (קירב'-רוהף) א געבראכענער דאך אדער א מאנסארדען-דאך [א משופע'דיגער דאך, וועלכער האט צוויי-עריי קראקוועס מיט א באלקען אין מיטען].


Curb-roof

curb'stone *n.* (קירב'-סטאון) א שטיין אדער א רייהע שטיינער וואס שפארען עפעס אונטער; א רייהע שטיינער ביי א טראטואר.

curb'stone bro'ker (קירב'-סטאון בראו'-קער) א בערזען-מעקלער, וואס פערקויפט [מייסטענטיילס אין גאס ביי דער בערזע] ווערטה-פאפירען, וואס זיינען ניט אנערקענט אפיציעל פון דער בערזע.

curch *n.* (קארטש) א טיכעל, א פא-טשיילע; א פרויען-הויב אדער קאפושאן.

curcu'lio *n.* (קיר-קיו'-לי-או) אזא זשוק.

cur'cuma *n.* (קיר'-קיו-מע) א פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט דער אינדישער זאפראן.

cur'cuma-pa'per *n.* (קיר'-קיו-מע-פיי'-פער) פאפיער אנגעזאפט מיט אן עקסטראקט פון אינדישען זאפראן [ווערט בענוצט צו פרובירען אלקאלי. דורך דעם אלקאלי בעקומט דאס פאפיער ברוינע פלעקען].

curd *n. and v.* (קירד) [פון] צווארעך וואס מען מאכט קעז]; די פערדיכטעטע טיילען פון וועלכער ניט איז פליסיגקייט; פערדיכטען; פערוואנדלען אין צווארעך; פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך.

cur'diness *n.* (קיר'-די-נעס) דאס ווע-רען צווארעך; דאס ווערען פערדיכטעט.

cur'dle *v.* (קירדל) פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך [ווע-גען מילך]; פערדיכטען; פערגליווערען; מאכען צווארעך.
The milk curdled because it was not fresh.

cur'dy *a.* (קיר'-די) ווי צווארעך; פול מיט פערדיכטעטע טיילען [וועגען פליסיגקייטען].

cure *n. and v.* (קיור) קורירען, היילען, אויסהיילען; בעזייטיגען; איינזאלצען, טריקענען אדער זייערען; קורירונג, היילונג, דאס אויסהיילען; א היילונגס-מיטעל; דאס אמט פון א קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג אין די ענגלישע און אירלאנדישע קירכען].

cure'-all *n.* (קיור'-אהל) א מיטעל פאר אלע קראנקהייטען.

cure'less *a.* (קיור'-לעס) אונהיילבאר.

cur'er *n.* (קיור'-ער) איינער וואס קורירט; א דאקטאר; איינער וואס זאלצט איין, טריקענט אדער זייערט איין [זאכען, זיי זאלען ניט קאליע ווערען].

cur'few *n.* (קיר'-פיו) דאס קלינגען אין אבענד אין די שטעדט און דערפער אין מיטעלאלטער, אלס צייכען, מען זאל אויסלעשען די ליכט; די צייט פון דיזען קלינגען [געוועהנליך אום 8 אוהר אבענד]; דער גלאק, מיט וועלכען מען פלעגט אויסקלינגען דיזע ווארנונג; א קאלפאק איבער א ליכט.

cur'few-bell *n.* (קיר'-פיו-בעל) דער אבענד-גלאק. ז. *curfew*

Cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) די פאפסטליכע קוריע [דעם פאפסט'ס מאכט, דעם פאפסט'ס רעגיערונג, דעם פאפסט'ס הויף].

cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) א קוריע, א טייל פון דער רוימישער בעפעלקערונג אין די אלטע צייטען [די גאנצע רוימישע בעפעלקערונג איז אפיציעל געווען איינגעטיילט אין דרייסיג קוריען]; א וואהל-קוריע [אן אבטיילונג אין וועלכער א געוויסער טייל פון דער בעפעלקערונג פון גלייכע פערמעגען-צענז אדער נאציאנאליטעט וועהלט]; די געביידע, וואו א רוימישע קוריע פלעגט זיך פערזאמלען; א שטאדט-סענאט אין די אמאליגע שטעדט אין איטאליען [אין געגענזאץ צום רוימישען סענאט]; אין מיטעלאלטער — א געזעצגעבענדע אדער אדמיניסטראטיווע קערפערשאפט, א גע-ריכט.

cu'rialism *n.* (קיו'-רי-על-איזם) די פא-ליטישע סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. *Curia*

curialis'tic *a.* (קיו-רי-ע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו דער פאליטישער סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. *Curia*

cu'rio *n.* (קיו'-רי-או) א זעל-טענהייט; אן אנטיק; אן אנטיקען-זאמלונג; קליינע פערציערונגען.

curios'ity *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי) 1. ניי-גערינקייט; 2. א קוריאזיטעט; אויסגע-ציערטקייט; אבענטייערליכקייט; א זעל-טענהייט; א מערקווירדיגקייט.
1. He asked questions as a matter of curiosity.

curios'ity-shop *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי-שאפ) אן אנטיקען-קראם.

curio'so *n.* (קיו-רי-או'-סאו) א זאמלער פון אנטיקען; איינער וואס איז גוט בע-קאנט מיט אלטערטימליכקייטען; א קע-נער אין קונסט-זאכען; א ווירטואז.

cu'rious *a.* (קיו'-רי-אס) 1. ניינעריג; פארשענד; 2. זאנדערבאר, מאדנע; זעל-טען; פיין, קינסטלעריש אויסגעארבייט.
1. I am curious to know the truth about the affair. 2. The admiral wore a curious uniform.

cu'riously *adv.* (קיו'-רי-אס-לי) מיט נייגעריגקייט; מיט עלעגאנץ, מיט קונסט; אויף א זאנדערבארען, זעלטענעם אופן.

cu'riousness *n.* (קיו'-רי-אס-נעס) קו-ריאזיטעט, זאנדערבארקייט; נייגעריגקייט.

curl *n. and v.* (קירל) א לאק; דאס וואס קרייזעלט זיך, א ספיראל; א מין קראנקהייט פון געוויסע פרוכט-בוימער, דורך וועלכער די בלעטער ווערען צונויפ-געקארטשעט און פערוועלקט; קרייזלען [האר], דרעהען, פלעכטען; זיך דרעהען אין דער פארם פון א ספיראל.

curl down (קירל דאון) צוטוליען זיך [צו א ווינקעל], איינבויגען זיך, סטא-רען זיך צו זיין אונבעמערקבאר.

cur'ler *n.* (קיר'-לער) דער אדער דאס וואס קרייזעלט.

cur'lew *n.* (קיר'-ליו) דער בראך-פויגעל [אן איי-ראפעאישער און אן אמעריקאנישער זומפ-פויגעל מיט הויכע פיס און זעהר א לאנגען שנא-בעל].

Curlew

cur'liness *n.* (קיר'-לי-נעס) דאס קרייזלען זיך.

cur'ling *n.* (קויר׳-לינג) א געוויסער שפּיעל אין שאָטלאַנד, וואו די שפּיעלער גליטשען איבער׳ן אייז גרויסע און גלאַטע שטיינער צו געוויסע פּונקטען און גע־וויסע ריכטונגען.

cur'ling-i'ron *n.* (קויר׳-לינג-אַי׳-ערן) אַן אייזערנער צווענגעל, וועלכען מען ברענט אָן צו קרייזלען די האָר.

cur'ling-tongs *n.* (קויר׳-לינג-טאָנגז) ז. *curling-iron*.

curl of the lip (קוירל אָוו טהי ליפּ) א לייכטער פּעראַכטונגס־שמייכעל.

cur'ly *a.* (קויר׳-לי). לאָקיג, געקרייזעלט.

cur'ly-head'ed *a.* (קויר׳-לי-העד׳-עד) וואָס האָט געקרייזעלטע האָר.

cur'ly-pate *n.* (קויר׳-לי-פּייט) איינער וועלכער האָט געקרייזעלטע האָר.

cur'ly-pa'ted *a.* (קויר׳-לי-פּיי׳-טעד) ז. *curly-headed*.

curmudge'on *n.* (קויר-מאַדזש׳-אָן) א קמצן, א קאַרגער מענש.

curmudge'only *a.* (קויר-מאַדזש׳-אָנ-לי) קאַרג, ווי א קאַרגער יונג.

cur'rant *n.* (קאַר׳-ענט) ; א ווייַנפּערל. אזא ראָזשינקע אהן א ביינדעל.

cur'rency *n.* (קאַר׳-ען-סי) גאַנגבאַר־קייט, צירקולאַציאָן [פון געלד אָדער סחורות]; דאָס גאַנגבאַרע געלד אין א לאַנד; דער קורס; פּערשפּרייטונג.

cur'rent *n.* and *a.* (קאַר׳-ענט) א שטראָם; א שטרעמונג [א גרויסע מאַסע וואַסער אָדער לופט וואָס בעוועגט זיך אין א געוויסער ריכטונג]; דער קורס, דער גאַנג [פון צייט אָדער פון געשעהענישען]; די אַלגעמיינע שטימונג, די אַנגענומענע טענדענץ; שטרעמענד; גאַנגבאַר; פּער־שפּרייט; אַלגעמיין אַנגענומען; צירקולי־רענד.

cur'rent ar'ticles (קאַר׳-ענט אַר׳-טיקלז) גאַנגבאַרע סחורות, קוראַנטע אַר־טיקלען.

cur'rent-brea'ker *n.* (קאַר׳-ענט-בריי׳-קער) דער שטראָם־אונטערברעכער [אַן אַפּאַראַט, מיט וועלכען מען אונטער־ברעכט דעם גאַנג פון אַן עלעקטרישען שטראָם].

cur'rently *adv.* (קאַר׳-ענט-לי) אין אַלגעמיין, בכלל; אהן אַן אַבשטעל; אהן אַן אויפהער.

cur'rent-me'ter *n.* (קאַר׳-ענט-מיע׳-טער) אַן אַפּאַראַט צו מעסטען די שנעל־קייט פון א שטראָם; אַן אינסטרומענט צו מעסטען די קראַפט פון אַן עלעקטרישען שטראָם.

cur'rentness *n.* (קאַר׳-ענט-נעס) דאָס פליסען; שטרעמיגקייט; גאַנגבאַרקייט.

cur'rent price (קאַר׳-ענט פּראַיס) דער היינטיגער מקח.

cur'rent-reg'ulator *n.* (קאַר׳-ענט-רעג׳-יו-ליי-טאָר) אַן אַפּאַראַט צו רעגולי־רען דעם גאַנג פון אַן עלעקטרישען שטראָם.

cur'rent report' (קאַר׳-ענט רי-פּאָרט׳) א קלאַנג, א סלוך, דאָס וואָס מען רעדט.
There is a report current that war will soon be declared.

cur'ricle *n.* and *v.* (קאַר׳-איקל) א צוויי־רעדעריגער וואַגען, געשפּאַנט מיט צוויי פערד; פאָהרען אין א צוויי־רעדעריגען וואַגען.

curric'ulum *n.* (קאַ-ריק׳-יו-לאָם) לעהר־קורס; א בעשטימטער קורס פון למודים, וועלכע מען געהט דורך אין אַן אוניווערזיטעט און אין אַנדערע העכערע שולען.

cur'rier *n.* (קאַר׳-אי-ער) א גאַרבער.

cur'riery *n.* (קאַר׳-אי-ער-אי) גאַרבע־ריי; א גאַרבאַרניע [די פאַבריק וואו מען בעאַרבייט פעל].

cur'rish *a.* (קויר׳-איש) הינטיש, בייסיג, אונגעכמורעט, בורטשענדיג.

cur'rishly *adv.* (קויר׳-איש-לי) הינטיש, מעשה הונד; בורטשענדיג.

cur'rishness *n.* (קויר׳-איש-נעס) פּער־ביסענקייט, הינטישע דרכים; בורטשעניש.

cur'ry *v.* and *n.* (קאַר׳-אי) קראַצען און קעמען א פערד; אונטערלעקען זיך, חנפ'ענען; בעאַרבייטען פעל; אנשלאָגען, אימעצען, אבשמייסען; קאַרי־זופּ [אַן אינ־דישע זויסע נעדיכטע זופּ געקאָכט פון פלייש, פיש, פּרוכטען, אייער, איינגבער, פעפער און אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע מען עסט מיט געקאָכטע רייז]; דאָס קאָ־כען קאַרי־זופּ.

cur'rycomb *n.* (קאַר׳-אי-קאָום) א פערד־קאַם.



Currycomb

cur'ry fa'vor (קאַר׳-אי פיי׳-וואָר) נושא חן זיין ביי איינעם דורך חניפות און אונ־טערלעקען זיך.

cur'ry-pow'der *n.* (קאַר׳-אי-פּאַו׳-דער) די געווירצען, וועלכע מען בענוצט ביים קאָכען די קאַרי־זופּ. ז. *curry*.

curse *n.* and *v.* (קוירס) שילטען, פלו־כען; לעסטערען [גאָט]; אריינלעגען אין חרם; דאָס שילטען, א פלוך, א קללה; דאָס וואָס איז גאַרניט ווערטה.

curse by bell (קוירס באַי בעל) אריינ־לעגען אין חרם.

cur'sed *a.* (קויר׳-סעד) פערפלוכט, פער־שאָלטען; שענדליך, מיאוס.

cur'sedly *adv.* (קויר׳-סעד-לי) אויף א שענדליכען אופן; פערפלוכט.

cur'sedness *n.* (קויר׳-סעד-נעס) דאָס זיין פערשאָלטען.

cur'ser *n.* (קויר׳-סער) דער שילטער, דער וואָס פלוכט.

cur'ship *n.* (קויר׳-שיפּ) א געמיינהייט, א חזיר'יי, א שווינעריי.

cur'sive *a.* and *n.* (קויר׳-סיוו) קורסיוו, פליסענד [וועגען בוכשטאַבען וואָס בינ־דען זיך איינער מיט דעם אַנדערען]; בוכ־שטאַבען וועלכע בינדען זיך איינער מיט דעם אַנדערען; א מאַנוסקריפּט וואָס איז געשריבען קורסיוו.

cur'sively *adv.* (קויר׳-סיוו-לי) אויף א פליסענדען שטייגער; דורך שרייבען קור־סיוו.

cur'sor *n.* (קויר׳-סאָר) דער לויפער [דער טייל אין א מאַטעמאַטישען אינ־סטרומענט, וועלכער בעוועגט זיך היין און צוריק און ווייזט אָן אויף פערשיעדענע ציפערען און פיגורען]; אין די מיטעל־אַלטערליכע אוניווערזיטעטען — אַן ערשט געענדיגטער סטודענט, וואָס דיענט אַלס געהילף פון פּראָפעסאָר, פּאַרלעזענדיג פאַר די סטודענטען פערשיעדענע זעצע מיט ערקלערונגען אויף זיי.

curso'rial *a.* (קויר-סאָו׳-רי-על) וואָס קען לויפען אָדער געהן [אין נעגענזאַץ צו די בעשעפּענישען וואָס קריכען אויף׳ן בויך]; וואָס האָט גליעדער צום געהן אָדער לויפען.

cur'sorily *adv.* (קויר׳-סאָ-רי-לי) אין איילעניש; אויבערפלעכליך.
I read the book cursorily.

cur'soriness *n.* (קויר׳-סאָ-רי-נעס) פליכטיגקייט, אויבערפלעכליכקייט.

cur'sory *a.* (קויר׳-סאָ-רי) האַסטיג, אויפ־בערפלעכליך, ניט אויפמערקזאַם.
A cursory reading of the book will not convey the idea of the author.

curt *a.* (קוירט) לאַקאָניש, קורץ און שאַרף [וועגען רעדען].
He gave a curt reply to our requests.

curtail' *v.* (קויר-טייל׳) פערקלענערען, קירצער מאַכען, אבהאַקען דעם עק, אב־שניידען א טייל פון א זאַך.
The family found it necessary to curtail its expenses.

curtai'ledly *adv.* (קויר-טיי׳-לעד-לי) פערקלענערענדיג; אבהאַקענדיג דעם שפּיץ; אויף א פערקירצטען שטייגער.

curtai'ler *n.* (קויר-טיי׳-לער) דער וואָס פערקלענערט, פערקירצט, שניידט אב אָדער צוקאַליעטשעט.

cur'tail-horse *n.* (קויר׳-טייל-האָהרס) א פערד מיט אַן אבגעשניטענעם עק.

curtail'ment *n.* (קויר-טייל׳-מענט) די פערקירצונג, פערקלענערונג; דאָס אבהאַ־קען דעם עק.

cur'tail-step *n.* (קויר׳-טייל-סטעפּ) די אונטערשטע שטופע פון א טרעפּ.

cur'tain *n.* and *v.* (קויר׳-טען) א פּאָר־האַנג; א גאַרדין; דער מיטעל־וואַל אין א פעסטונג; פערהענגען מיט פּאָרהאַנגען; פערדעקען, פערשטעלען.

cur'tain-lec'ture *n.* (קויר׳-טען-לעק׳-טשור) אַן אונטער־אויווען דרשה; פּאָר־ווירפע, וואָס למשל, מאַן און ווייב מאַכען זיך אונטער פיער אויגען.

cur'tainless *a.* (קויר׳-טען-לעס) וואָס האָט ניט קיין פּאָרהאַנגען, וואָס איז ניט פערהאַנגען מיט גאַרדינען.

cur'tate *a.* (קויר׳-טייט) פערקירצט, פערקלענערט.

cur'tesy *n.* (קויר׳-טע-סי) ז. *courtesy*.

cur'tilage *n.* (קויר׳-טי-לעדזש) א הויף, א קליינער גאָרטען אָדער א לעדיגער פּלאַץ [נעבען א הויז].

curt'ly *adv.* (קוירט׳-לי) קורץ; שאַרף; אבגעהאַקט.

curt'ness *n.* (קוירט׳-נעס) קורצקייט; אבגעהאַקטקייט, שאַרפקייט פון אויסדרוק; דאָס רעדען קורץ און שאַרף.

curt'sy *n.* (קוירט׳-סי) א קניקס [א פּער־נייגונג מיט אַן איינבייגונג פון די קניע].

cu'rule *a.* (קיו׳-רוהל) וואָס איז שייך צו אַן אַלט־רוימישען רייט־וואַגען; וואָס איז שייך צו די פיער העכסטע בעאַמטע פון דעם אַלטען רוים בעת דער רעפּוב־ליק [קאָנסולען, פּרעטאָרען, עדילען און צענזאָרען]; וואָס איז שייך צו שטאַאַטס־פערוואַלטונג; אפיציעל.

cu'rule chair (קיו׳-רוהל טשעהר) איי־נער פון די אַפיציעלע שטוהלען, אויף וועל־כער עס פלעגען זיצען די פיער העכסטע בעאַמטע פון דער פּאַרצייטיגער רוימישער רעפּובליק [די קאָנסולען, פּרעטאָרען, עדי־לען און צענזאָרען].

cu'rule dig'nity (קיו׳-רוהל דיג׳-ני-טי) דאָס אַמט אָדער דער טיטול פון די פיער העכסטע בעאַמטע אין דער פּאַרציי־

טיגער רוימישער רעפובליק [קאנסולען, פרעטארען, עדילען און צענזארען].

cur'val *a.* (קויר׳-וועל) ז. *curvant*

cur'vant *a.* (קויר׳-ווענט) אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

cur'vate *a.* (קויר׳-ווייט) אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

cur'vated *a.* (קויר׳-ווײ-טעד) ז. *curvate*

curva'tion *n.* (קויר-וויי׳-שאן) דאס אויסבויגען, דאס אויסקרימען.

cur'vature *n.* (קויר׳-ווע-טשור) די אויסגעבויגענקייט, די קרימונג [הויפטזעכליך פון ליניען און פלעכען]; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט.

curve *v., n. and a.* (קירוו) אויסבויגען; אויסקרימען; זיין אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; א קרומע ליניע אדער פלעכע; אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

curved *a.* (קירווד) קרום, געבויגען.

cur'vedness *n.* (קויר׳-וועד-נעס) דאס זיין געבויגען, דאס זיין אויסגעקרימט.

cur'vet *n. and v.* (קויר׳-וועט) א קורבעט [א פערד־שפרונג, ביי וועלכען אלע פיער פיס הויבען זיך אויף איין און דערזעלבער צייט]; א שטיפעריי; צווינגען א פערד צו מאכען א קורבעט; מאכען א קורבעט; שפרינגען [פאר פרייד]; זיין זעהר לוסטיג.

curvicau'date *a.* (קויר-ווי-קאה׳-דייט) וואס האט א קרומען אדער איינגעבויגענעם עק.

curviden'tate *a.* (קויר-ווי-דענ׳-טייט) וואס האט אויסגעקרימטע צייהנער.

curvifo'liate *a.* (קויר-ווי-פאו׳-לי-אייט) וואס האט אויסגעבויגענע אדער אויסגעקרימטע בלעטער.

cur'viform *a.* (קויר׳-ווי-פארם) וואס איז אויסגעקרימט אדער אויסגעבויגען.

curvilin'ead *n.* (קויר-ווי-לינ׳-אי-עד) אן אינסטרומענט צו צייכנען קרומע ליניען.

curvilin'ear *a.* (קויר-ווי-לינ׳-אי-ער) וואס בעשטעהט אדער וואס איז בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curvilinear'ity *n.* (קויר-ווי-לין-אי-ער׳-אי-טי) דאס בעשטעהן אדער דאס זיין בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curvilin'early *adv.* (קויר-ווי-לינ׳-אי-ער-לי) אין דער פארם פון א פיגור וואס בעשטעהט אדער איז בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curviros'tral *a.* (קויר-ווי-ראס׳-טרעל) וואס האט א קרומען שנאבעל [וועגען פייגלען].

cur'vity *n.* (קויר׳-ווי-טי) אויסגעבויגענקייט, קרומקייט.

cush'at *n.* (קוש׳-עט) די רינגעלטויב.

cush'ion *n. and v.* (קוש׳-אן) א קישען; עטוואס וואס איז עהנליך צו א קישען אין אויסזעהן, ווייכקייט, געברויך א. ד. ג. [ווי למשל, די פאלסטערונג ביי א ביליארד־טיש, די גומי ביי אן עלעקטרישער מאשין א. ז. וו.]; זיצען אויף קישען; בעדעקען אדער ארומלעגען מיט קישען; אין ביליארד־שפיעל — צוטרייבען דעם באל צו דער פאלסטערונג פאר דעם צוזאמענשטויס מיט אן אנדער באל אדער נאך׳ן צוזאמענשטויס.

cush'ion-cap'ital *n.* (קוש׳-אן-קעפ׳-אי-טעל) א קאפ פון א זייל וואס זעהט אויס ווי א קישען.

cush'ioned *a.* (קוש׳-אנד) איינגעהילט אין קישענס, ליגענדיג אויף קישענס.

cush'ionet *n.* (קוש׳-אנ-עט) א קליין קישעלע.

cush'ion-thum'per *n.* (קוש׳-אן-טהאמ׳-פער) א בעל־דרשן, א קלאפער, א קנאקער.

cusk *n.* (קאסק) דער קאסק [א מין פיש וואס געפינט זיך אין די צפון ימים].

cusp *n.* (קאספ) דער לבנה־הארן [דאס אויסזעהן פון דער לבנה אין אנפאנג אדער אין ענדע חודש]; דער פונקט, וואו עס בעגעגענען זיך די ענדען פון צוויי קרומע ליניען [אין געאמעטריע]; דער שפיץ, וואס בילדעט זיך, ווען די ענדען פון צוויי בויגענארטיגע פערציערונגען בעגעגענען זיך [אין ארכיטעקטור]; א שארפער שפיץ ביי פלאנצען־בלעטער; א בערגעל, א שפיץ אויף׳ן קרוינדעל פון א צאהן.



Cusps

cus'pated *a.* (קאס׳-פיי-טעד) וואס ענדיגט זיך מיט א שארפען שפיץ.

cus'pidal *a.* (קאס׳-פי-דעל) וואס ענדיגט זיך מיט א שפיץ; אין געאמעטריע — וואס איז שייך צו דעם פונקט, וואו די ענדען פון צוויי קרומע ליניען בעגעגענען זיך; וואס איז שייך צו אזא פונקט.

cus'pidate *v. and a.* (קאס׳-פי-דייט) מאכען שפיציג; מאכען שארף; שפיציג.

cus'pidated *a.* (קאס׳-פי-דיי-טעד) שפיציג.

cus'pidor *n.* (קאס׳-פי-דאר) א שפייקעסטעל, א שפוק־שאל.

cus'pidore *n.* (קאס׳-פי-דאור) ז. *cuspidor*

cus'pis *n.* (קאס׳-פיס) א שפיץ.

cuss *n. and v.* (קאס) א פלוך; א זידעל־ווארט; א יונג, א חברה־מאן; א געמיינער יונג; שילטען; זידלען.

cuss'-word *n.* (קאס׳-הוואירד) א קללה, א זידעל־ווארט; א שבועה.

cus'tard *n.* (קאס׳-טארד) אזא געריכט פון פערזיסטע אייער און מילך, געקאכט אדער געבאקען.

cus'tard-ap'ple *n.* (קאס׳-טארד-עפל) א גרויסע, קיילעכדיגע, טונקעל־ברוינע פרוכט פון דעם פלאשענבוים [וואקסט אין טראפישע לענדער].

cus'tard-cups *n.* (קאס׳-טארד-קאפס) די ווײדען־רויזען [אזא פלאנצע].

custo'dial *a.* (קאס-טאו׳-די-על) וואס איז שייך צו אן אויפזעהער, אויפפאסער, היטער אדער בעשיצער.

custo'dian *n.* (קאס-טאו׳-די-ען) א היטער, א בעשיצער, אן אויפזעהער, אן אויפפאסער.

custo'dianship *n.* (קאס-טאו׳-די-ענ-שיפ) דאס אמט פון אן אויפזעהער אדער אויפפאסער, היטער אדער בעשיצער.

custo'dier *n.* (קאס-טאו׳-די-ער) ז. *custodian*

cus'tody *n.* (קאס׳-טא-די) אויפזיכט, דאס אויפפאסען; דאס בעזארגען; דאס היטען; דאס בעהאלטען; דאס איינשפארען; דאס איינשפארען אין תפיסה.

cus'tom *n.* (קאס׳-טאם) געוואהנהייט; מנהג; קונדשאפט; שטייער, טאקסע, אבצאהל.

cus'tomable *a.* (קאס׳-טאמ-עבל) שטייער־פפליכטיג, וואס עס מוזען פאר דעם בעצאהלט ווערען שטייערען.

cus'tomably *adv.* (קאס׳-טאמ-ע-בלי) צום בעצאהלען שטייערען.

cus'tomaries *n.* (קאס׳-טאמ-ע-ריז) א בוך אדער א דאקומענט, וואו עס זיינען פערשריבען די מנהגים און די געזעצליכע רעכטע און פריווילעגיען פון א פראווינץ, שטאדט א. ד. ג.; א פנקס.

cus'tomarily *adv.* (קאס׳-טאמ-ע-רי-לי) לויט מנהג; אויף אן אנגענומענעם, געוועהנליכען שטייגער.

cus'tomariness *n.* (קאס׳-טאמ-ע-רי-נעס) דאס זיין געוועהנליך, דאס זיין לויט׳ן מנהג.

cus'tomary *a.* (קאס׳-טאמ-ע-רי) געברויכליך, געוועהנליך, לויט׳ן מנהג.

It is **customary** in our town to call on our friends on New Year's Day.

cus'tomer *n. and a.* (קאס׳-טאמ-ער) א קונה, א קונד; איינער, מיט וועמען מען האט וועלכע ניט איז בעציהונגען; א חברה־מאן; זייענדיג א קונה אדער א קונד; וואס איז ספעציעל בעשטעלט [אין געגענזאץ צו פארטיגע, טאנדעטנע זאכען], וואס איז פאר א קונד.

cus'tom-free *a.* (קאס׳-טאם-פריע) צאל־פריי [א סחורה פון אויסלאנד, וואס ווערט אימפארטירט פריי אהן גרענעץ־אבצאהל].

cus'tom-house *n.* (קאס׳-טאם-האוס) א צאל־הויז [טאמאזשנע]; א רעגיערונגס־אנשטאלט, וואס האט די אויפזיכט איבער גרענעץ־אבצאהלונג.

cus'tom-made *a.* (קאס׳-טאם-מייד) געמאכט אויף בעשטעלונג [וועגען קליידער].

cus'toms *n.* (קאס׳-טאמז) צאל, טאריף־אבצאהלונגען [אבצאהלונג אויף איינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות].

cus'toms-du'ty *n.* (קאס׳-טאמז-דיו׳-טי) דער צאל אויף איינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות.

cus'tom-shrunk *a.* (קאס׳-טאם-שראנק) מיט ווייניג לייזונג, מיט ווייניג קונים.

cus'tos *n.* (קאס׳-טאס) אן אויפזעהער, א היטער.

cus'tos bre'vium (קאס׳-טאס בריע׳-ווי-אם) אין די פריהריגע צייטען — דער הויפט־סעקרעטער אין דעם ענגלישען אפעלאציאנס־געריכט.

cut *v., n. and a.* (קאט) שניידען, אבשניידען, איינשניידען, אויסשניידען, דורכשניידען, צושניידען; פערוואונדען, וועה טהאן; אבהאקען, איבערהאקען, איבעררייסען [פערבינדונגען, בעקאנטשאפט]; פערמינדערען; שפאלטען, אבשפאלטען; קאסטרירען [מסרס זיין]; אויסהאקען, אויסשניצען, אויסגראווירען; פאלירען, שלייפען [גלאז, דימאנטען]; צולאזען [אין א פליסיגקייט]; אבהויבען קארטען; זיך אבטראגען; א שניט, א וואונד, א שפאלט; עטוואס וואס פערווארזאכט וועהטאג אדער ליידען; אן איינשניט; א קאנאל, א גראבען, א רינע; א מחיצה; א שטיק, א טייל; א גראוויורע; א רעדוקציאן, א פערקלענערונג [אין פרייזען]; א פאסאן [פון א קלייד]; דער שניט,

דער גאנג; א קורצער וועג; דאס שלייפען [פון גלאז אדער דימאנטען]; אבוועזענהייט; איבערגעריסענע פערבינדונגען אדער בעקאנטשאפט; צושניטען, אבגעשניטען; פערוואונדעט; בעטריעבט; אבגעהאקט; אבגעקאסעט; צושפאלטען; גראווירט; פאלירט; געשליפען; געמאכט דורך מאשינעריי, ניט מיט דער האנד; קאסטרירט [מסרס געווען]; שכור.

cut about′ (קאט ע-באוט′) ארומלויפען.

cut across′ (קאט ע-קראהס′) געהן גלייך, אויף'ן דירעקטען וועג; אהן צערעמאניעס.

cut a dash (קאט ע דעש)
ז. *cut a figure*.

Darwin'ianism *n.* (דאר-הווינ'-אי-ענ-איזם) דארווין'ס לעהרע וועגען דער אב-שטאמונג און ענטוויקלונג פון די פערשיע-דענע מינים חיות און פלאנצען. ז. *Darwinism*

Darwin'ian the'ory (דאר-הווינ'-אי-ען טהי'-א-רי) דארווין'ס טעאריע וועגען דער אבשטאמונג און ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע מינים חיות און פלאנצען.

Dar'winism *n.* (דאר'-הווינ-איזם) דאר-ווינִיזם, די לעהרע פון דארווין, דאס די פערשיעדענע מינים פלאנצען און חיות זיינען ניט בעזונדער בעשאפען געווארען, נאר האבען זיך ענטוויקעלט איינס פון דאס אנדערע, א דאנק דער צופאסונג צו די ארומיגע בעדינגונגען אין קאמפף פאר עקזיסטענץ, און אז געבליבען עקזיסטירען זיינען נור די יעניגע מינים, וואס האבען געקענט אדער געהאט די געלעגענהייט זיך בעסער צוצופאסען צו דיזע בעדינגונגען.

Dar'winist *n.* (דאר׳-הווינ-איסט) א דארוויניסט, אן אנהענגער פון דארווין׳ס טעאריע. ז. *Darwinism*

Darwinis'tic *a.* (דאר-הווי-ניס׳-טיק) ז. *Darwinian*

Dar'winize *v.* (דאר׳-הווינ-איז) אננעמען די טעאריע פון דארווין. ז. *Darwinism*

dash *n. and v.* (דעש) שטויסעלאגען; שטויסען; שליידערען; צושמעטערען; פערניכטען; בעשפרענקלען; א שטרייך טהאן אויף גיך מיט׳ן פעדער; מאכען א שנעלע בעמערקונג [אויף׳ן פאפיער]; עטוואס שנעל טהאן; צונויפמישען; אראבווארפען; א שליידער טהאן; ברייננען אין פערלעגענהייט; א צוזאמענשטויס; א שטויס, א קלאפ; אן אנפאל, אן אנגריף; א צומישונג, א ביימישונג; א שפריץ, א טראפען; א גערדאנקען־שטריך אין שריפט [—]; א שטריך; די פאדערשטע ברעט אדער בלעך פון אן אויטאמאביל.

dash against' (דעש ע-גענסט׳) זיך א לאז טהאן אדער א ווארף טהאן אויף...
The soldiers **dashed against** the fort.

dash at (דעש עט) זיך ווארפען אויף עפעס, זיך נעהמען צו עפעס.

dash'board *n.* (דעש׳-באורד) א ברעטעל אדער לעדערנער פארטוך אין פארענט פון א וואגען צו פערהיטען, אז דאס פערד זאל ניט אנשפריצען מיט זיינע פיס קויט בלאטע אין וואגען.

dash brains out (דעש בריינז אוט) שפאלטען אימעצען דעם מוח.

dash down (דעש דאון) אראבשליידערען; אראבלאזען זיך מיט אימפעט.

dashed *a.* (דעשט) מיט שטריכעלעך; פערשעמט; געבראכט אין פערלעגענהייט.

dashed line (דעשט לאין) א געשטריכעלטע ליניע [א ליניע וואס בעשטעהט פון שטריכעלעך (———————)].

dash'er *n.* (דעש׳-ער) א שליידערער; א בעשפריצער; א צושמעטערער; איינער אדער עטוואס וואס מאכט א פוראר, דערוועקט אויפזעהן; א ברעטעל אדער לעדערנער פארטוך אין פארענט פון א וואגען צו פערהיטען, אז דאס פערד זאל ניט אנשפריצען מיט די פיס קויט בלאטע אין וואגען.

dash hope (דעש האופ) צו נישט מאכען אימעצענס האפנונגען.

dash'ing *a.* (דעש׳-אינג) שטירמיש, היציג; וואס מאכט פוראר, וואס דערוועקט אויפזעהן; גלענצענד, עלעגאנט; פראנטיש, אויפפאלענד.
She married a **dashing** young naval officer.

dash'ing fel'low (דעש׳-אינג פעל׳-או) אן עלעגאנטער יונג.

dash'ingly *adv.* (דעש׳-אינג-לי) אויף א שטירמישען אדער היציגען אופן; מיט פוראר, מיט גלאנץ; מיט עלעגאנץ.

dash in'to (דעש אינ׳-טו) אריינשליידערען אין...; זיך אריינרייסען; א לאז טהאן זיך אין...
The hero **dashed** into the enemy's ranks.

dash'-lamp *n.* (דעש׳-לעמפ) די לאמטערנע פון א קארעטע אדער אויטאמאביל, וועלכע איז בעפעסטיגט צו דער פאדערשטער ברעט פון פארענט.

dash off (דעש אף) סקיצירען, אנציייכענען אין אלגעמיינע שטריכען; אוועקטרייבען; שנעל בעוועגען זיך; מאכען פליטה.

dash out (דעש אוט) ארויסשלאגען, ארויסמעקען; ארויסשטופען; צושמעטערען; א לאז טהאן זיך, ארויסלויפען.

dash out of coun'tenance (דעש אוט אוו קאונ׳-טע-נענס) אימעצען פון די כלים ארויסברייננען; ברייננען אימעצען אין פערלעגענהייט; אימעצען פערשעמען.

dash o'ver (דעש או׳-ווער) אויסמעקען; אריבערגיסען זיך איבער׳ן ראנד.

dash pride (דעש פראיד) אבשלאגען אימעצען די פליגלען.

dash'-rule *n.* (דעש׳-רוהל) אזא מעטאל בלעכעל וואס ווערט בענוצט אין דרוקעריי[e]ן אבצוטיילען אין דרוק־שריפט איין קאפיטעל פון דעם צווייטען מיט א שטריך.

dash through (דעש טהרוה) מאכען פליטה; דורכשלאגען זיך א וועג; דורכרייסען זיך.

dash to pie'ces (דעש טו פיע׳-סעז) צושמעטערען אויף פיצלעך.
The bottle fell out of his hands and was **dashed to pieces**.

dash'-wheel *n.* (דעש׳-הוויעל) א וואשראד [אין באוועל־פאבריקאציאן].

dash'y *a.* (דעש׳-אי) וואס איז בערעכנט צו ציהען אויפערקזאמקייט אדער צו מאכען א פוראר; עלעגאנט, מאדיש.

das'sy *n.* (דעס׳-אי) דער זידליכער פעלזען־קראליק [קאנינכען] אין קייפלאנד [זיד־אפריקא].

das'tard *n., a. and v.* (דעס׳-טארד) א פייגלינג, א טרוס, א פחדן, א שרעקעדיגער מענש; פייג, שרעקעדיג; איינשרעקען; מאכען פאר א פייגלינג.

das'tardize *v.* (דעס׳-טאר-דאיז) פייג מאכען; אנשרעקען.

das'tardliness *n.* (דעס׳-טארד-לי-נעס) פחדנות, שרעקעדיגקייט, פייגהייט.

das'tardly *a.* (דעס׳-טארד-לי) פייג, שרעקעדיג.

dat. *dative* אן אבקירצונג פון ווארט

da'ta *n.* (דיי׳-טע) אנגאבען, טהאטזאכען, פאקטען; גרונדלאגען [אויף וועלכע עס ווערט געבויט א טעאריע אדער א בעהויפטונג].

da'table *a.* (דיי׳-טעבל) וואס קען בעצייכענט ווערען מיט א דאטע, וואס קען אנגעגעבען ווערען די צייט.
The earliest **datable** coins come from Sicily.

da'tary *n.* (דיי׳-טע-רי) דעם פאפסט׳ס קאנצעלאריע; דער פארשטעהער פון דעם פאפסט׳ס קאנצעלאריע.

date *n. and v.* (דייט) א דאטע; א צייט; א טערמין, א סראק; א טייטעל [פרוכט]; שרייבען א דאטע [ווי אין א בריעף א. ד. ג.]; אנגעבען די צייט [פון א פאסירונג].

date'able *a.* (דייט׳-עבל) ז. *datable*

date'less *a.* (דייט׳-לעס) אהן א דאטע; אזוי אלט, אז מען קען ניט וויסען די דאטע.

date'-mark *n.* (דייט׳-מארק) די דאטע וואס ווערט אבגעשטעמפעלט אויף גאלד אדער זילבער־זאכען וועז זיי זיינען פאבריצירט געווארען.

date'-palm *n.* (דייט׳-פאהם) דער טייטעלבוים; די טייטעלען־פאלמע.
ז. *date-tree*

date'-plum *n.* (דייט׳-פלאם) אזא פלויםענ־ענליכע פרוכט; דער בוים, אויף וועלכען דיעזע פרוכט וואקסט.

da'ter *n.* (דיי׳-טער) א דאטום־שטעמפעל [א שטעמפעל מיט וועלכען מען שטעמפעלט אב דאס דאטום אויף בריעף, פאפיערען א. ד. ג.].

date'-shell *n.* (דייט׳-שעל) אזא מושעל וואס האט די פארם פון א טייטעל.

date'-sug'ar *n.* (דייט׳-שוג׳-ער) צוקער וואס ווערט געמאכט פון טייטלען.

date'-tree *n.* (דייט׳-טריע) דער טייטעלבוים; די טייטלען־פאלמע.

Date-tree

da'tive *n. and a.* (דיי׳-טיוו) דער דאטיף; וואס איז שייך צום דאטיף [אין גראמאטיק — א ווארט־פארם וואס ענטפערט אויף די פראגע: "צו וועמען". צ. ב. איך האב געשריבען צום לעהרער. די ווערטער "צום לעהרער" זיינען אין דאטיף].

da'tive case (דיי׳-טיוו קייס) דער דאטיף. ז. *dative*

da'tive exec'utor (דיי׳-טיוו עג-זעק׳-יו-טאר) דער פערוואלטער פון א פערמעגען, וועלכער ווערט בעשטימט פון׳ם געריכט.

da'tively *adv.* (דיי׳-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון א דאטיף. ז. *dative*

da'tum *n.* (דיי׳-טאם) א דאטע, אן אנגעגעבענער פאקט. ז. *data*

da'tum-line *n.* (דיי׳-טאם-לאין) די באזיס־ליניע אויף א פלאן צום בויען באהנען, בריקען א. ד. ג. פון וועלכער עס ווערט געמאסטען די הויכקייט און טיעפקייט.

daub *n. and v.* (דאהב) בעשמירען; בעשמירען מיט קלייי; בעשמירען מיט ליים אדער מיט שמוץ; פלאסטערען מיט וואפנע אדער ליים; מאהלען אהן געשמאק [שמירען]; פערדעקען, פערשמירען [אימעצענס חטאים]; קליידען זיך אומגעלומפערט; אונטער׳חנפ׳ענען זיך; א ביליגע ניט קינסטלערישע געמעלדע [א שמירעכץ]; א ביליגער פראסטער זארט פלאסטער־וואפנע.

dau'ber *n.* (דאה׳-בער) א שמירער, איינער וואס שמירט אוים אדער בעשמוצט; א פראסטער מאהלער [א שמירער]; א נידריגער חונף; א בערשטעל פאנאנדערצושמירען דיא שוהוואקס אויף א שוך.

dau'bery *n.* (דאה׳-בער-אי) א שמירעריי.

dau'bing *n.* (דאה׳-בינג) עפעס מיט וואס מען שמירט אוים [ווי וואפנע אדער ליים]; דאס בויען וועגד פון פערהאַרטעוועטע בלאטע; א ביליגע נים קינסטלעריכע געמעלדע; אן אומגעלומפערטע חניפה.

dau'by *a.* (דאה׳-בי) קלעפעריג; נעבעך; שלעכט געמאהלט [געשמירט].

daugh'ter *n.* (דאה׳-טער) א טאכטער.

daugh'ter-in-law *n.* (דאה׳-טער-אין-לאה) א שנור, א שוויגער־טאכטער.

daugh'terless *a.* (דאה׳-טער-לעס) אהן טעכטער.

daugh'terliness *n.* (דאה'-טער-לי-נעס) טאכטערשאפט.

daugh'terly *a.* (דאה'-טער-לי) טעכ־טערליך; ווי א טאכטער.

daunt *v.* (דאהנט) אראבשלא־אנשרעקען; אראבשלאגען פון מוטה.

daun'ter *n.* (דאהנ'-טער) איינער וואס שרעקט אן; איינער וואס מאכט אבהענ־גיג אדער שלאגט אראב פון מוטה.

daunt'less *a.* (דאהנט'-לעס) אהן מורא, אונערשראקען; פורכטלאז.

With dauntless courage he continued the work.

daunt'lessly *adv.* (דאהנט'-לעס-לי) אויף אן אונערשראקענעם אופן; אונער־שראקען, פורכטלאז.

daunt'lessness *n.* (דאהנט'-לעס-נעס) אונערשראקענהייט, פורכטלאזיגקייט.

dau'phin *n.* (דאה'-פין) אן אמאליגער טיטעל פון דעם עלטסטען זוהן פון דעם פראנצויזישען קעניג.

dau'phine *n.* (דאה'-פין) די פרוי פון דעם עלטסטען זוהן פון פראנצויזישען קע־ניג.

dau'phiness *n.* (דאה'-פינ-עס) *dauphine* ז.

dauw *n.* (דאה) אזא חיה וועלכע איז געשטרייפט ווי א זעברא.

dav'enport *n.* (דעוונ'-פאורט) א קליי־נער בעציערטער שרייב־טיש.


Davits

dav'it *n.* (דעווי'-איט) איינער פון די צוויי אייזערנע אדער הילצערנע שטאנגען וואס ווערען בעפעסטיגט צו דיביידע ענדען פון א שיפעל מיט וועלכע מען הויבט עס אויף אין דער הויך ווען עס איז נויטיג.

da'vy *n.* (דיי'-ווי) אזא זיכערהייטס־לאנ־טערנע, וועלכע ווערט געברויכט אין קויה־לען גרובען [דיזע לאנטערנע איז געמאכט אזוי, אז די גאזען אין קויהלען־גרוב זא־לען ניט קענען קומען אין בעריהרונג מיט דעם פייער פון לעמפעל וואס ברענט אין לאנטערנע און עס זאל ניט קומען צו אן עקספלאזיאן. זי איז ערפונדען געווארען פון אן ענגלענדער מיט דעם נאמען דייווי].

Da'vy Jones (דיי'-ווי דזשאונז) דער ים־טייוועל, דער ים־גײַשפענסט [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

Da'vy Jones' lock'er (דיי'-ווי דזשאונז לאק'-ער) דער אקעאן; דער ים־אבגרונד [אויף דער שפראך פון מאטרא־זען].

Da'vy Jones' nat'ural chil'dren (דיי'-ווי דזשאונז נעטש'-יו-רעל טשיל'-דרען) ים־רויבער; קאנטראבאנדיסטען [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

Da'vy lamp (דיי'-ווי לעמפ) *davy* ז.

da'vyum *n.* (דיי'-ווי-אם) אזא מעטאל וואס געהערט צו דער פלאטיניום־גרופע, ער ווערט אבער ניט גערעכענט אלס איי־נער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען.

daw *n.* (דאה) אזא קליין שווארץ פוי־געלע וואס איז עהנליך צו א קראהע; א דומער יונג.

daw'dle *v.* (דאהדל) צורייבען צייט; שפּיעלען זיך [ביי דער ארבייט]; ארומ־דרעהן זיך [אהן ארבייט].

daw'dler *n.* (דאה'-דלער) א צייט־פער־שווענדער, א בטלן, א לעדיג־געהער.

daw'dling *a.* (דאה'-דלינג) פערשווענ־דענדיג צייט; ארומגעהענדיג לעדיג.

daw'ish *a.* (דאה'-איש) דום, נאריש.

dawk *n.* and *v.* (דאהק) א קארב, אן איינשניט; איינקארבען, איינשניידען.

dawn *n.* and *v.* (דאהן) די מארגענ־רויט, די מארגען־דעמערונג, בעגינען; דער אנהויב, דער אנזאג, די ערשטע טריט [פון א נייער צייט־בעוועגונג א. ד. ג.]; אנפאנגען; טאגען, דעמערען אויף טאג; אנהויבען צו שיינען.

daw'ning *n.* (דאה'-נינג) דאס אנפאנגען טאגען; די ענטשטעהונג, דער אנהויב.

daw'ning of life (דאה'-נינג אוו לאיף) דער פריהמארגען פון לעבען, די יונגע יאהרען.

dawn upon' (דאהן א-פאן') אנפאנגען קלאר צו ווערען.

day *n.* (דיי) א טאג, א מעת־לעת [24 שטונדען].

day about' (דיי ע-באוט') א טאג אום א טאג, א טאג איבער א טאג.

day af'ter (דיי עפ'-טער) קאצען־יא־מער; נאכוועהעניש; דאס שלעכט פיה־לען אויף מארגען נאך'ן שכור'ען.

day af'ter day (דיי עפ'-טער דיי) טאג טעגליך.

day af'ter to-mor'row (דיי עפ'-טער טו-מאר'-או) איבערמארגען.

day'-beam *n.* (דיי'-ביעם) דער טאגעס־שטראהל.

day before' yes'terday (דיי בי-פאור' יעס'-טער-דיי) אייערנעכטען.

day'-book *n.* (דיי'-בוק) דער זשורנאל, דער טאג־בוך [אין בוכהאלטעריע].

day'break *n.* (דיי'-בריק) בעגינען.

day by day (דיי באי דיי) טאג טעגליך.

Day by day he called at my office.

day'-coal *n.* (דיי'-קאול) די אויבערשטע קויהלען־שיכט אין א קויהלען־גרוב.

day'-dream *n.* (דיי'-דריעם) טרוימע־ריי, שווערמעריי; א לופט־שלאס.

day'-drea'mer *n.* (דיי'-דריע'-מער) א טרוימער, א פאנטאזיאר.

day'-drea'ming *n.* (דיי'-דריע'-מינג) טרוימעריי.

day'-fee'der *n.* (דיי'-פיע'-דער) א חיה וועלכע עסט נור ביי טאג.

day'-fli'er *n.* (דיי'-פלאי'-ער) א פויגעל אדער פליה־אינזעקט וואס פליהט נור ביי טאג.

day'-flow'er *n.* (דיי'-פלאו'-ער) די געל־בע ליליע.

day'-fly *n.* (דיי'-פלאי) די איינטאג־פליעג, די מאי־פליעג [אזא שעהנע פליעג וואס לעבט א גאנץ קורצע צייט].

Day-fly

day in, day out (דיי איז, דיי אוט) טאג איין, טאג אויס.

day'-la'bor *n.* (דיי'-ליי'-באר) טאג־ארבייט [ארבייט וואס צאהלט זיך פון טאג].

day'-la'borer *n.* (דיי'-ליי'-באר-ער) א טאג־ארבייטער [איינער וואס ארבייט פון טאג].

day'light *n.* (דיי'-לאיט) טאג־ליכט זו־נען־ליכט; טאג; פריהמארגען.

day'lights *n.* (דיי'-לאיטס) די אויגען.

day'-lil'y *n.* (דיי'-ליל'-אי) די טאג־ליליע [אזא שעהנע גארטען־בלום וואס האלט אן איהר שעהנקייט ניט מעהר ווי א טאג].

day'-long *a.* (דיי'-לאהנג) וואס דויערט דעם גאנצען טאג.

day'man *n.* (דיי'-מען) א טאג־ארביי־טער [איינער וואס ארבייט פון טאג].

day'mare *n.* (דיי'-מעהר) א קאשמאר [אזא דריקענדער צושטאנד ווען מען חלום'ט זייענדיג וואך].

day'-nurse *n.* (דיי'-נוירס) א קינדער־מיידעל וואס גיט אכטונג אויף קינדער ביי טאג.

day'-nur'sery *n.* (דיי'-נויר'-סע-רי) אן אנשטאלט צו האלטען קליינע קינדער דורך'ן טאג אין דער צייט ווען זייערע מוטערס ארבייטען.

day of ab'stinence (דיי אוו עב'-סטי-נענס) א פאסט־טאג [תענית].

day of appear'ance (דיי אוו ע-פיער'-ענס) דער טאג אין וועלכען מען דארף ערשיינען צום געריכט.

Day of Atone'ment (דיי אוו ע-טאונ'-מענט) יום כפור.

day of doom (דיי אוו דוהם) דער גרויסער יום הדין.

crack of doom ז.

day of pay'ment (דיי אוו פיי'-מענט) דער צאהל־טאג [ווען א וועקסעל, ראטע אדער רעכנונג מוז בעצאהלט ווערען].

day of reck'oning (דיי אוו רעק'-א-נינג) דער יום הדין.

day of resurrec'tion (דיי אוו רעז-א-רעק'-שאן) דער טאג פון תחית המתים.

day'-peep *n.* (דיי'-פיעפ) בעגינען; דאס אנהויבען טאגען.

day'-room *n.* (דיי'-רוהם) א פלאץ אין א געפענגניס וואו מען האלט די ארעס־טאנטען ביי טאג.

day'-schol'ar *n.* (דיי'-סקאל'-ער) א שילער פון א טאג־שוהל [א שוהל וואו מען לערענט ביי טאג]; א שילער, וואס וואהנט פריוואט און האט ניט קיין קעסט אין דער שוהל.

day'-school *n.* (דיי'-סקוהל) א טאג־שוהל [א שוהל וואו מען לערענט ביי טאג]; א שוהל וואו די שילער וואהנען ניט און האבען דארטען ניט קיין קעסט.

day'sight *n.* (דיי'-סאיט) נאכט־בלינד־קייט [אזא אויגען־קראנקהייט דורך וועל־כער דער קראנקער זעהט כמעט גאר ניט ביי נאכט אדער אין דער פינסטער].

day's jour'ney (דייז דזשויר'-ני) א מהלך פון א טאג־רייזע.

days'man *n.* (דייז'-מען) א שיעדס־ריכ־טער, א פשרה־מאכער.

days of grace (דייז אוו גרייס) די טעג פון גנאד [ביי די קריסטען]; די ווארט־טעג ביים צאהלען א חוב [ווען עס ענדיגט זיך דער טערמין פון א וועקסעל ווערט געווארט אייניגע טעג, מייסטענס דריי, און אויב דער בעל חוב צאהלט ניט איין אין משך פון דער צייט, ווערט דאס וועקסעל פראטעסטירט].

days of res'pite (דייז אוו רעס'-פיט) ז. *days of grace*.

days of yore (דייז אוו יאור) אמאל, אמאליגע צייטען.

day'spring *n.* (דיי'-ספרינג) דאס בעגינען; דאס אנפאנגען טאגען.

day'-star *n.* (דיי'-סטאר) דער מארגענשטערן; די זון.

day's work (דייז הוואירק) די ארבייט פון א טאג; די בערעכענונג און בעאבאכטונגען פון דעם וועג פון א שיף אין א משך פון 24 שטונדען, גערעכענט פון מיטאג-צייט ביז מיטאג-צייט.

day'-tale *n. and a.* (דיי'-טייל) די ארבייט וואס א טאגלויהנער האט אבגעטהאן אין א טאג; די ארבייט פון א טאגלויהנער; געדונגען אויף'ן טאג.

day'taleman *n.* (דיי'-טייל-מען) א טאג-ארבייטער, א טאג-לויהנער.

day'taler *n.* (דיי'-טיי-לער) א טאג-ארבייטער, א טאג-לויהנער.

day'time *n.* (דיי'-טאים) די טאג-צייט [די צייט פון מעת לעת ווען עס איז טאג].

day'woman *n.* (דיי'-הוואומ-ען) א טאג-ארבייטערין [איינע וואס ארבייט פון טאג].

day'-work *n.* (דיי'-הוואירק) טאג-ארבייט [ארבייט פאר וועלכע עס ווערט געצאהלט פון טאג].

daze *n. and v.* (דייז) פערבלענדען [ווי מיט א שטארקען העלען שיין]; פערטומלען; פערבלענדעט ווערען; פערטומעלט ווערען; דאס ווערען פערבלענדעט אדער צוטומעלט; א בלישטשענדיגער שטיין.

dazed *a.* (דייזד) פערבלענדעט; צוטומעלט.

da'zedly *adv.* (דיי'-זעד-לי) אויף א צוטומעלטען אופן.

da'zedness *n.* (דיי'-זעד-נעס) צוטומעלטקייט.

daz'zle *n. and v.* (דעזל) פערבלענדען [ווי מיט א שטארקען העלען שיין]; פערבלענדעט ווערען; העלקייט, שטארקער ליכט-שיין.

daz'zlement *n.* (דעזל'-מענט) דאס פערבלענדען די אויגען פון א שטארקען שיין; פערבלענדונג; צוטומלונג.

daz'zler *n.* (דעז'-לער) איינער אדער עטוואס וואס פערבלענדעט.

D. C. אבקירצונג פון די ווערטער [די שטאדט] ***District of Columbia*** וואשינגטאן, די הויפט-שטאדט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, און אומגעגענד].

D. C. L. ראשי תבות פון ***doc'tor civ'ilis leg'is*** (דאק'-טאר סיוו'-אי-ליס לעג'-איס) דאקטאר יודי [א טיטול פאר א געלעהרטען יוריסט].

D. D. ראשי תבות פון ***divinita'tis doc'tor*** (די-ווי-ני-טא'-טיס דאק'-טאר) דאקטאר פון טעאלאגיע [א טיטול פאר א געלעהרטען טעאלאג (איינער וואס שטודירט רעליגיאן)].

d|d ראשי תבות פון ***day's date*** (דייז דייט) די טעג נאך דער דאטע [א קאמערציעלער אויסדרוק וועגען א וועקסעל, וואס דארף געצאהלט ווערען אין א געוויסען טערמין נאך דער אנגעגעבענער דאטע אין וועקסעל].
The bill is payable 30 d|d.

D. D. S. ראשי תבות פון ***Doc'tor of Den'tal Sur'gery*** (דאק'-טאר אוו דענ'-טעל סויר'-דזשער-אי) דאקטאר פאר דענטישע כירורגיע [א טיטול פאר א געענדיגטען דענטיסט].

dea'con *n. and v.* (דיקען) א דיאקאן, א קירכען-דיענער; אויסלייענען א פסוק פון תהלים אדער פון א תפילה בעפאר עס ווערט געזונגען [ווי דאס ווערט געטהאן פון דיאקאן אין קירך]; איינארדנען אזוי, אז מען זאל זעהן נור די בעסטע טיילען [ווי סחורה, למשל]; שווינדלען, פעלשען.

dea'coned veal (דיקענד וויעל) פלייש פון א צו יונגען קעלבעל וואס טויג ניט צום עסען.

dea'coness *n.* (דיע'קן-עס) א פרוי וועלכע איז בעשטימט געווארען פון א קירך צו העלפען אין צדקה און אנדערע גייסטליכע ארבייט.

dea'conhood *n.* (דיע'קן-הוד) דאס אמט פון א דיאקאן אין א קירך.

dea'conry *n.* (דיע'קנ-רי) דאס אמט פון א דיאקאן אין א קירך.

dea'con-seat *n.* (דיע'קן-סיעט) אזא לאנגע באנק מיט א לעהן, וואס ווערט בענוצט אין א געצעלט.

dea'conship *n.* (דיע'קן-שיפ) ז. ***deaconhood***.

dead *n., a. and adv.* (דעד) טויט-שטילקייט; די מתים, די טויטע; טויט; אונטהעטיג; טויט-שטיל; אוננוציג; שטומפף; מאט, אהן גלאנץ; דומפף [וועגען א קלאנג]; אהן בעוועגונג; אהן געשמאק; אהן כח; אהן געפיהל; טויטליך; אין גאנצען; פאלשטענדיג.

dead'-alive' *a.* (דעד'-ע-לאיוו') אונטהעטיג, לאנגווייליג.

dead'-alive'ness *n.* (דעד'-ע-לאיוו'-נעס) טויטקייט; לאנגווייליגקייט.

dead'-and-alive' *a.* (דעד'-ענד-ע-לאיוו') ז. ***dead-alive***.

dead and done for (דעד ענד דאן פאר) קאפוט, עובר בטל.

dead an'gle (דעד ענגל) דער טויטער ווינקעל [וועגען פעסטונגען, וואס אהין דערגרייכט ניט דער פייער פון די קאנאנען].

dead as a door'-nail (דעד עז ע דאור'-נייל) טויט ווי א שטיין, פאלשטענדיג טויט.

dead asleep' (דעד ע-סליעפ') אין טיעפען שלאף.

dead bar'gain (דעד באר'-גיין) א שפאט-ביליגער פרייז; א זיכערער ריוח.

dead beat (דעד ביעט) א לופט-מענש, א מענש וואס מאכט א לעבען פון קונצען-מאכעריי; א מענש וואס מאכט א לעבען פון ניט צאהלען קיין חובות.

dead'-beat *a. and n.* (דעד'-ביעט) וואס שטעלט זיך אב מיט א מאל אהן שווינגונגען; וואס בעוועגט זיך אין איין ריכטונג אהן אבצושפרינגען ריקווערטס [ווי דאס העמונגס-רעדעל אין דעם אנציה-מעכאניזם פון א זייגער]; א בעוועגונג אין איין ריכטונג וואס שפרינגט ניט אב ריקווערטס [ווי דאס העמונגס-רעדעל פון א זייגער אדער אין אנדערע מעכאניזמען]; א פאררייכטונג אבצושטעלען די בעוועגונג פון א מעכאניזם מיט איין מאל, אז ער זאל קיין שווינגונגען ניט מאכען.

dead'-beat escape'ment (דעד'-ביעט עס-קייפ'-מענט) א רעדעל אדער אנדער פאררייכטונג וואס האלט אב א מעכאניזם פון בעוועגען זיך ריקווערטס, אדער וואס האלט אב די בעוועגונג פון א מעכאניזם מיט איין מאל אהן שווינגונגען.

dead'-beat galvanom'eter (דעד'-ביעט גאל-ווע-נאמ'-ע-טער) א גאלוואנאמעטער [אן אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען עלעקטריציטעט] ביי וועלכען דער ווייזער ווערט אבגעשטעלט מיט איין מאל אהן שווינגונגען.

dead black (דעד בלעק) פעך-שווארץ.

dead'-born *a.* (דעד'-בארן) טויט-געבארען, ניט לעבענספעהיג.

dead'-broke *a.* (דעד'-בראוק) אהן א פרוטה אין קעשענע.

dead calm (דעד קאהם) די אבזאלוטע ווינד-שטילקייט [אויף'ן וואסער]; טויט-שטילקייט.

dead'-cen'ter *n.* (דעד'-סענ'-טער) דער טויטען-פונקט [אן אויסדרוק אין דער מעכאניק פאר דעם צושטאנד פון א בעוועגליכען מאשינען טייל, וועלכער בעשטעהט פון צוויי ארעמס מיט א געלענק, ווען די ביידע ארעמס קומען אין איין צענטער-ליניע, ד. ה. אין איין גלייכע ליניע].

dead cer'tainty (דעד סויר'-טיינ'-טי) זיכער ווי דער טויט.

dead'-clothes *n.* (דעד'-קלאוטהז) תכריכים; די קליידער אין וועלכע מען בעגראבט א טויטען.

dead'-cold *a.* (דעד'-קאולד) טויט-קאלט, מורא'דיג קאלט.

dead'-col'oring *n.* (דעד'-קאל'-אר-אינג) די ערשטע קאנטור-שטריכען פון א בילד וואס א מאלער ווארפט אן אויף'ן לייווענד.

dead cot'ton (דעד קאטן) אונרייפע באוועל וואס נעהמט שלעכט אן פארב.

dead'-door *n.* (דעד'-דאור) א שוץ-טהיר אויף א שיף [ניט צו דערלאזען קיין וואסער אין דער זייט-גאלעריע, אין צייט פון שטורעם].

dead'-drunk *a.* (דעד'-דראנק) טויט-שכור.

dead'en *v.* (דעדן) פערקלענערען די געשווינדיגקייט; אבשוואכען; פערשטיקען, מאכען טעמפ אדער דומפף; אויסשניידען די קארע פון א בוים ארום און ארום אין דער פארם פון א רינג [כדי אבצוטויטען דעם בוים].

dead'ener *n.* (דעד'נ-ער) איינער אדער עטוואס וואס שוואכט אב אדער אונטערדריקט.

dead'ening *n.* (דעד'נ-אינג) א מיטעל צום אבשוואכען, פערשטיקען, טעמפ אדער דומפף צו מאכען; א שטיק לאנד וואו די בוימער זיינען אבגעטויט געווארען דורך אויסשניידען קארע-רינגען פון זיי.

dead'eye *n.* (דעד'-אי) אזא רונדליכער פלאכער קלעצעל מיט דריי לעכער דורך וועלכע מען ציהט דורך שטריק [בענוצט פאר די זעגלען אויף א שיף].

dead fail'ure (דעד פייל'-יור) א פאלשטענדיגער דורכפאל.

dead'fall *n.* (דעד'-פאהל) אזא פאסטקע צו פאנגען חיות [די חיות וואס פאלען אריין אין אזא פאסטקע ווערען צודריקט אויף טויט]; א צוזאמענגעפלאנטערטע מאסע פון איינגעפאלענע בוימער, גראזען א. ד. ג.; א פראסטער שענק.

dead'-file *n.* (דעד'-פאיל) א פייל מיט גאנץ פיינע דינע צייהנער.

dead'-flat *n.* (דעד'-פלעט) דער מיטעלסטער טייל פון א שיף.

dead floor (דעד פלאור) א דיל [פאדלאגע] וואס איז אזוי געמאכט, אז עס זאל זיך ניט הערען קיין גערויש פון טריט.

dead freight (דעד פרייט) טויטע פראכט [פראכט־געלד, וואס מען צאהלט לויט אבמאך פאר'ן פלאץ אין שיף, וואס איז ניט פערנומען].

dead'-hand *n.* (דעד'־הענד) די טויטע האנד [אינסטיטוטען וואס זייער אייגענ־טום קען ניט פערקויפט אדער איבערגע־טראגען ווערען צו אן אנדערען, ווי די גיטער פון דער קאטוילישער קירך אין גע־וויסע לענדער].

dead'-head *n.* (דעד'־העד) דאס איב־ריגע אויבערשטע שטיקעל מעטאל, וואס בלייבט ביי א גוס־שטיק, ווען מען נעהמט עס ארויס פון פורעם.

dead'head *n. and v.* (דעד'־העד) איי־נער וואס בעקומט די ערלויבניס צו בע־זוכען אומזיסט טעאטער אדער אנדערע פלעצער, פאר וועלכע מען דארף געוועהנ־ליך צאהלען; ערלויבען פרייען, אומזיסטען איינגאנג אדער פרייע רייזע; רייזען מיט באהן אדער שיף אומזיסט, געהן אין טעא־טער אומזיסט.

dead'headism *n.* (דעד'־העד־איזם) דאס רייזען אדער בעזוכען פערגניגונגס־פלעצער אומזיסט.

dead'-hear'ted *a.* (דעד'־האר'־טעד) שרעקעדיג, פחדנות'דיג.

dead'-hear'tedness *n.* (דעד'־האר'־טעד־נעס) פחדנות, פייגהייט.

dead heat (דעד היעט) א וועט־לויף, ביי וועלכען עטליכע פון די וועטער קו־מען צום ציעל אין דעמזעלבען מאמענט.

dead horse (דעד הארס) אן ארבייט פאר וועלכע מען האט בעצאהלט אין פאר־אויס.

dead'-house *n.* (דעד'־האוס) א מתים־שטיבעל, א טויטען־הויז [א קאמער אין א האספיטאל, בית־עולם אדער אנדער פלאץ, וואו עס ווערען געהאלטען די טוי־טע קערפער ביז דער קבורה].

dead'ing *n.* (דעד'־אינג) אזא צודעק פאר א דאמפף־מאשין צו בעדעקען דעם צילינדער און די רעהרען פון דאמפף־קעסעל אז די היץ זאל ניט אויסשטראה־לען.

dead'ish *a.* (דעד'־איש) ווי א טויטער, טויט־בלייך.

His lips had a deadish paleness.

dead lan'guage (דעד לענ'־גהוועדזש) א טויטע שפראך [א שפראך וועלכע ווערט מעהר ניט גערעדט, ווי לאטייניש, אלט־גריכיש א. ד. ג.].

dead let'ter (דעד לעט'־ער) א טויטער בוכשטאב [עטוואס אזעלכעס, ווי א געזעץ צ. ב. וואס האט מעהר ניט קיין ווירקונג און קיין בעדייטונג אין לעבען]; א בריעף וואס ליעגט א לאנגע צייט אין דער פאסט און קיינער נעהמט איהם ניט אב.

Some Sunday laws in our state have become dead letters.

dead'-let'ter of'fice (דעד'־לעט'־ער אפ'־איס) די אבטיילונג אין דער פאסט, וואוהין עס ווערען אבגעשיקט די בריעף פון וועלכע מען האט ניט געקענט אויסגע־פינען דעם אדרעסאט.

dead lift (דעד ליפט) א שווערע משא געהויבען אהן דער הילף פון א מעכאניזם אדער אנדער הילף; א פערצווייפעלטע לאגע.

dead'-light *n.* (דעד'־לאיט) אזא לאדען מיט וועלכען עס ווערט פערמאכט א פענ־סטערעל פון א שיף אין דער צייט פון א שטורם אויפ'ן ים.

dead'-line *n.* (דעד'־לאין) א געוויסע ליניע אין א מיליטער־געפענגניס וואס די געפאנגענע טארען ניט איבערטרעטען ניט שטעלענדיג זיך אין געפאהר געשאסען צו ווערען.

dead'liness *n.* (דעד'־לי־נעס) דאס זיין געפעהרליך אדער טויטליך.

dead load (דעד לאוד) א טויטע משא [אן אונבעוועגליכע משא, ווי א הויז א. ד. ג.].

dead'-lock *n.* (דעד'־לאק) 1. א שלאס וואס ווערט פון אינוועניג געעפענט מיט א קליאמקע אדער הענטעל און אויסענוועניג מיט א שליסעל; 2. א טויט־פונקט, א שטיל־שטאנד [ווען צוויי קרעפטען פון קעמפ־פענדע צדדים זיינען גלייך און קיינער קען ניט זיגען].

2. The legislative dead-lock was finally broken.

dead'ly *a. and adv.* (דעד'־לי) טויטליך; געפעהרליך; אויף א טויטליכען אדער שטערבליכען אופן; אויף א געפעהרליכען אופן; אויסערארדענטליך, עקסטרעם.

dead'ly car'rot (דעד'־לי קער'־אט) די בייזקרויט [אזא גיפטיגע פלאנצע].

dead'ly en'emy (דעד'־לי ענ'־ע־מי) א דם־שונא, א טויט־פיינד.

dead'ly night'shade (דעד'־לי נאיט'־שייד) די בעלאדאנא [אזא גיפטיגע פלאנצע וועלכע ווערט געברויכט אין מע־דיצין].

dead'ly sin (דעד'־לי סין) א טויט־זינד [א זינד פאר וועלכע עס קומט דער טויט. אין דער צייט ווען מען האט פאר געוויסע רעליגיעזע זינד בעשטראפט מיט'ן טויט].

dead'-man *n.* (דעד'־מען) א לעדיגע פלאש [אויף דעם לשון פון טרינקער].

dead'-march *n.* (דעד'־מארטש) א טרויער־מארש [א מארש וואס מען שפיעלט צו א לויה].

dead'-mate *n.* (דעד'־מייט) [א פאט] לאנג אין שאך־שפיעל, ווען דער, וואס דארף געהן, האט ניט וואוהין צו געהן, און דעם קעניג האט מען ניט געזאגט: שאך].

dead mat'ter (דעד מעט'־ער) שריפט־זאץ, וואס דארף שוין מעהר ניט גענוצט ווערען.

dead men (דעד מען) אויסגעליידיגטע פלעשער [אויף דעם לשון פון טרינ־קער].

dead'-men's-fin'gers *n.* (דעד'־מענז־פינ'־גערז) די ארכיע [אזא פלאנצע וואס האט דיקע בלעטער פינגער־עהנליכע בלע־טער].

dead'-men's-lines' *n.* (דעד'־ מענז־לאינז') אזא ים־גראז וואס האט גאנץ לאנגע פאדים־ארטיגע בלעטער [אפט ביז 12 פוס לאנג].

dead'-neap *n.* (דעד'־ניעפ) דער נידע־ריגסטער וואסער־שטאנד פון דעם ים־אב־פלוס [קומט פאר אנדערטהאלבען טעג נאכ'ן ערשטען און לעצטען לבנה־פערטעל].

dead'ness *n.* (דעד'־נעס) טויטקייט; שטילקייט; שוואכקייט; גלייכגילטיגקייט; טעמפקייט.

dead'ness of trade (דעד'־נעס אוו טרייד) טויטקייט אין געשעפט.

dead'-net'tle *n.* (דעד'־נעטל) בלינדע קראפיווע [אזא קראפיווע וואס שטעכט ניט].

dead of the night (דעד אוו טהי נאיט) די טויט־שטילקייט פון דער נאכט.

In the dead of the night a voice was heard.

dead on end (דעד אן ענד) דאס בלא־זען פון א ווינד אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג פון דעם קורס פון א שיף.

dead'-pledge *n.* (דעד'־פלעדזש) א משכון, א היפאטעקע. ז. *mortgage*.

dead'-point *n.* (דעד'־פאינט) ז. *dead-center*.

dead'-reck'oning *n.* (דעד'־רעק'נ־אינג) דאס אויסרעכענען אונגעפעהר דעם ארט פון א שיף, וואו זי געפינט זיך אין ים, נאך דעם מהלך וואס זי איז אבגעפאהרען און נאכ'ן קאמפאס, ניט נעהמענדיג צו הילף דעם צושטאנד פון די שטערען אין הימעל, ווי דאס ווערט געטהאן ביי גענויע אויסרעכענונגען.

Dead Sea (דעד סיע) דער ים המלח [אין ארץ ישראל].

dead sea'son (דעד סיזן) א טויטער סעזאן [א סעזאן אהן געשעפטען].

dead'-set *n. and a.* (דעד'־סעט) 1. א שטארקע אנשטרענגונג; אן ענטשיידענער אנגריף; 2. געגנערשאפט, פיינדשאפט; 3. שטארק שטרעבענדיג צו עפעס; פעסט ענטשלאסען.

2. The father was dead-set against the marriage.

dead'-shot *n.* (דעד'־שאט) א גוטער שיסער, וואס טרעפט אלע מאל אין ציעל.

dead slee'py (דעד סליע'־פי) טויט־שלע־פעריג, טויט־מיעד.

dead steam (דעד סטיעם) דער ראמפף, וואס געהט ארויס פון דעם צילינדער פון א דאמפף־מאשין און ווערט פערלאזען אהן נוצען.

dead stop (דעד סטאפ) א פלעצליך שטעהן בלייבען.

dead'-stroke *a.* (דעד'־סטראוק) וואס קלאפט אהן אבצושפרינגען צוריק [וועגען אזא האמער].

dead sure (דעד שור) פעסט איבערציינגט.

dead'-wall *n.* (דעד'־הוואהל) א בלינדע וואנד [אהן פענסטער]; א שייד־וואנד.

dead'-wa'ter *n.* (דעד'־הוואה'־טער) דער וואסער־ווירבעל הינטער א שיף, וואס האלט אין געהן.

dead'-weight *n.* (דעד'־הווייט) א שווע־רער יאך; א שווערע משא וואס קיינער העלפט ניט טראגען; פראכט פון א שיף פאר וועלכע עס ווערט געצאהלט לויט דעם געוויכט און ניט לויט דעם פלאץ וואס עס פערנעהמט [ווי פראכט פאר אייזען, מא־שינען, קויהלען א. ד. ג.].

dead'-white *a.* (דעד'־הוואיט) טויט־בלייך.

dead wire (דעד הוואיר) א טויטער דראט [א טעלעגראפישער דראט וועלכער איז ניט פערבונדען מיט א טעלעגראפישען אפאראט און ווערט ניט בענוצט].

dead'-wood *n.* (דעד'־הוואוד) אונניצ־ליכעס מאטעריאל.

dead'-wool *n.* (דעד'־הוואול) וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א טויטע שעפס.

dead'-work *n.* (דעד'־הוואירק) אן אר־בייט, וועלכע בריינגט אליין ניט קיין פרא־פיט, נאר זי איז נויטיג אלס א פארברייי־טונג צו אן אנדער ארבייט, וואס בריינגט פראפיט; די אנפאנגס־ארבייט וואס ווערט געטהאן אויפצוגראבען א קויהלען גרוב אדער אנדערע מינים שאכטען.

dead'-works *n.* (דעד'־הוואירקס) דער טייל פון א פערלאדענער שיף, וואס שטארצט ארויס פון וואסער.

deaf *a.* (דעף) טויב; אונאויפמערקזאם; פרוכטלאז, לעער.

deaf'-ad'der *n.* (דעפ'־עד'־ער) די קופער־שלאנג [אזא גיפטיגע שלאנג].

deaf and dumb (דעף ענד דאם) טויב־שטום.

deaf and dumb asy'lum (דעף ענד דאם ע־סאי׳־לאם) אן אנשטאלט פאר טויב־שטומע.

deaf as a door'-post (דעף עז ע דאור׳־פאוסט) טויב ווי די וואנד.

deaf'-dumb'ness *n.* (דעף׳־דאמ׳־נעס) טויב־שטומקייט.

deaf'en *v.* (דעפן) בעטויי־ טויב מאכען; בעטויבען; דומפף מאכען א קלאנג אדער גע־רויש.

deaf'ening *n.* and *a.* (דעפ׳נ־אינג) דאס אויספילען די סופיטען פון הייזער, אז עס זאל זיך ניט הערען קיין קלאפען אדער גערויש פון איין עטאזש אין צוויי־טען; בעטויבענדיג, מאכענדיג טויב.

deaf'ly *adv.* (דעפ׳־לי) טויב.

deaf'-mute *n.* (דעפ׳־מיוט) א טויב־שטומער.

deaf'-mute'ness *n.* (דעפ׳־מיוט׳־נעס) טויב־שטומקייט.

deaf'-mu'tism *n.* (דעפ׳־מיו׳־טיזם) דאס זיין טויב־שטום.

deaf'ness *n.* (דעפ׳־נעס) טויבקייט; אונאויפמערקזאמקייט.

deal *v.* and *n.* (דיעל) טיילען, אויסטיי־לען; האנדלען; בעהאנדלען [אן ענין]; אויסטיילען קארטען [אין שפיעלען]; א קוואנטום, א צאהל; דאס אויסטיילען קאר־טען; א ברעט; א פלאנקע; טאנען־האלץ, פיכטען־האלץ.

deal a blow (דיעל ע בלאו) דערלאנ־גען א קלאפ.

deal'bate *a.* (די־על׳־בייט) געווייסט, געבלייכט.

deal'-board *n.* (דיעל׳־באורד) א דיקע ברעט פון טאנען אדער פיכטען האלץ.

deal'-box *n.* (דיעל׳־באקס) א האלץ־קעסטעל.

deal by one (דיעל באי וואן) בעהאנד־לען איינעם [גוט אדער שלעכט].

deal doub'le (דיעל דאבל) פאלש אדער אונעהרליך האנדלען.

dea'ler *n.* (דיע׳־לער) א סוחר, א הענד־לער; א קארטען אויסטיילער.

dea'ler in gross (דיע׳־לער אין גראוס) אן אגולניק, א הורטאוויניק, אן אנגרא־איסט.

dea'ler in lear'ning (דיע׳־לער אין לויר׳־נינג) א פראפעסיאנעלער געלעהר־טער.

dea'ler in pol'itics (דיע׳־לער אין פאל׳־אי־טיקס) א פאליטיקאן, איינער וואס פערנעהמט זיך מיט פאליטיק אלס גע־שעפט.

dea'ler in sun'dries (דיע׳־לער אין סאנ׳־דריז) א קורצווארען־הענדלער; א גאלאנטעריי־הענדלער; א דיטאיל פער־קויפער.

deal for (דיעל פאר) דינגען זיך פאר עפעס.

deal'-frame *n.* (דיעל׳־פריים) אזא זעג צו זעגען טאנען אדער פיכטען ברעטער.

deal in (דיעל אין) 1. זיך אבגעבען מיט עפעס; 2. האנדלען מיט אן ארטיקעל.
2. He deals in sugar.

dea'ling *n.* (דיע׳־לינג) דאס האנד־לען.

deal out (דיעל אוט) פונאנדערטיילען.

deal'-suit *n.* (דיעל׳־סיוט) אן ארעמאן׳ס טרונע [וואס קאסט גארנישט].

deal'-tree *n.* (דיעל׳־טריע) דער טא־נען אדער פיכטען בוים.

deal with (דיעל הוויטה) האנדלען מיט אימיצען; בעהאנדלען איינעם [גוט צו שלעכט]; קעמפפען.
He will deal fairly with you.

dean *n.* (דיען) א הויפט־גלח פון א סאבאר אדער קירך, א שטעלפער־טרעטער פון׳ם בישאף; א דעקאן [על־טער] פון א פאקולטעט [אין אוניווער־סיטעט]; אן עלטסטער פון א קארפארא־ציאן.

dea'nery *n.* (דיע׳־נע־רי) דאס אמט, רעכט, הכנסה אדער וואהנונג פון א דע־קאן. *dean* ז.

dea'ness *n.* (דיע׳־נעס) די פרווי פון א דעקאן. *dean* ז.

dean of guild (דיען אוו גילד) דער הויפט־בעאמטער אין די פארצייטיגע האנ־דעלס־גילדען אדער האנד־ווערקער צעכען.

dean'ship *n.* (דיענ׳־שיפ) דאס אמט, ראנג אדער טיטול פון א דעקאן. *dean* ז.

deanthropomor'phism *n.* (די־ענ־טהרא־פא־מאר׳־פיזם) דאס אוועקנעהמען די מענשליכע אייגענשאפטען פון גאט ווי ער ווערט אין די מייסטע רעליגיאנען פארגעשטעלט; דאס בעפרייען די רעליגיאן פון דעם פארשטעלען גאט מיט מענשליכע אייגענשאפטען און א מענשליך געשטאלט.

deanthropomorphiza'tion *n.* (די־ענ־טהרא־פא־מאר־פי־זיי׳־שאן) *deanthropomorphism* ז.

deanthropomor'phize *v.* (די־ענ־טהרא־פא־מאר׳־פאיז) בעפרייען פון דער פארשטעלונג, אז גאט האט מענשליכע אייגענשאפטען אדער א מענשליך גע־שטאלט.

dear *a.* and *n.* (דיער) טייער; ליעב; א ליעבער, א טייערער, א ליעבלינג.

dear'born *n.* (דיער׳־בארן) אזא לייכ־טער אמעריקאנער וואגען אויף פיער רע־דער.

dear'-bought *a.* (דיער׳־באהט) גע־קויפט פאר א טייערען פרייז; בעצאהלט טייערעס רבי־געלד.

dear'ly *adv.* (דיער׳־לי) פאר א טייערען פרייז; מיט גרויס צערטליכקייט.

dear me! (דיער מיע) אך גאט! [אן אויסדרוק פון שטארקער פערוואונדערונג, מיטלייד, שרעק].

dear'ness *n.* (דיער׳־נעס) טייערקייט; ליעבליכקייט; צערטליכקייט.

dearsen'icize *v.* (די־אר־סענ׳־אי־סאיז) בעפרייען פון ארזעניק.

dearth *n.* (דוירטה) מאנגעל, יקרות, אונגעראטענקייט [ווי תבואה אויף די פעלדער].
There is a dearth of musicians in our town.

deartic'ulate *v.* (די־אר־טיק׳־יו־לייט) פונאנדערנעהמען, פונאנדערגליעדערען.

dear'y *n.* (דיער׳־אי) טייערינקער, ליעבינקער, קרוינדעלע, הערצעלע.

dear year (דיער ייר) א יקרות־יאהר.

dea'sil *n.* (דיע׳־שיל) א בעוועגונג אין דער ריכטונג פון מזרח צו מערב, ווי די בעוועגונג פון דער זון.

death *n.* (דעטה) דער טויט; דאס שטאר־בען; א סקעלעט [אלס דער סימבאל פון טויט]; א טויטליכער פערברעכען.

death'-ad'der *n.* (דעטה׳־עד׳־ער) אזא זעהר גיפטיגער שלאנג אין אויסטראליען.

death'-ag'ony *n.* (דעטה׳־עג׳־א־ני) די גסיסה פאר׳ן טויט.

death'-bed *n.* and *a.* (דעטה׳־בעד) דאס טויטען־בעט; א קראנקהייט וואס ענ־דיגט זיך מיט׳ן טויט; וואס איז שייך צו א טויטען־בעט.

death'-bell *n.* (דעטה׳־בעל) די טויטען־גלאק [די גלאק אין קירך מיט וועלכער מען קלינגט ווען איינער שטארבט].

death'-blow *n.* (דעטה׳־בלאו) א טויט־ליכער קלאפ.

death'-cord *n.* (דעטה׳־קארד) א תליה־שטריק.

death'-dance *n.* (דעטה׳־דענס) דער טויטען־טאנץ [א בילד פון א סקעלעט אדער עטוואס אנדערש וואס שטעלט פאר די מאכט פון טויט].

death'-day *n.* (דעטה׳־דיי) דער טאג פון אימיצענס טויט.

death'ful *a.* (דעטה׳־פול) טויטליך, מער־דעריש; שטערבליך.

death'fulness *n.* (דעטה׳־פול־נעס) אן ערשיינונג וואס דערמאהנט אן דעם טויט.

death'-hun'ter *n.* (דעטה׳־האנ׳־טער) איינער וואס געהט נאך אן ארמעע אין קריעג צו בערויבען די געפאלענע אין שלאכט; א קברות־מאן.

death'-knell *n.* (דעטה׳־נעל) 1. די טויי־טען־גלאק, דאס קלינגען פון קירכען־גלאקען ביי א לויה; 2. דער סיגנאל פון טויט.
2. The defeat of President Adams for re-election meant the death-knell of the Federalist Party.

death'less *a.* (דעטה׳־לעס) אונשטערב־ליך; וואס דויערט אייביג.
His work has earned for him a deathless fame.

death'lessness *n.* (דעטה׳־לעס־נעס) דאס זיין אונשטערבליך, די אונשטערב־ליכקייט.

death'-like *a.* (דעטה׳־לאיק) ווי דער טויט.

death'liness *n.* (דעטה׳־לי־נעס) דאס זיין שטערבליך; די שטערבליכקייט.

death'ly *a.* and *adv.* (דעטה׳־לי) וואס זעהט אויס ווי טויט; אזוי ווי א טויי־טער.

death'-point *n.* (דעטה׳־פאינט) דער גרענעץ־פונקט פון א טעמפעראטור אין וועלכער א לעבעדיגער ארגאניזם קען לע־בען.

death'-rate *n.* (דעטה׳־רייט) די טויטען־ראטע [די צאהל פון טויטען־פעלע אין א משך פון א געוויסער צייט לויט פרא־צענט פון דער בעפעלקערונג, מייסטענס ווערט עס גערעכענט פון טויזענד פער יאהר].
The death-rate in the City of New York is sixteen per thousand.

death'-rat'tle *n.* (דעטה׳־רעטל) דאס גסיסה־כארכלען.

death's door (דעטהס דאור) די שוועל פון טויט [נאהנט צום טויט].
He lay at death's door.

death's'-head *n.* (דעטהס׳־העד) דער מענשליכער שארבען [אלס א סימבאל פון טויט].

death's'-head moth (דעטהס׳־העד מאטה) אזא זומער־פויגעלע [שמעטער־לינג] וואס האט אויפ׳ן רוקען א צייכען וואס איז עהנליך צו א טויטען־קאפ.

deaths'man *n.* (דעטהס׳־מען) א תליון, א הענקער.

death'-song *n.* (דעטה׳־סאנג) דאס שוואנען־ליעד, דאס לעצטע ליעד.

death'-stroke *n.* (דעטה׳־סטראוק) א טויט־קלאפ.

death'-struck *a.* (דעטה׳־סטראק) טויטליך־פערוואונדעט; קראנק מיט א גע־פעהרליכער קראנקהייט.

death'-strug'gle *n.* (דעטה׳־סטראגל)

אגאניע, גסיסה, דאס מאמערען זיך מיט'ן טויט.

death'-test *n.* (דעטה'-טעסט) א פראבע אויסצוגעפינען אויב אימעצער איז טויט אדער ניט.

death'-to'ken *n.* (דעטה'-טאוקן) א צייכען פון טויט.

death'-trance *n.* (דעטה'-טרענס) א צושטאנד וואס זעהט אויס ווי טויט.

death'-trap *n.* (דעטה'-טרעפ) א פלאץ אדער געביידע וואס איז געפעהרליך פאר'ן לעבען [ווי אין דער צייט פון שרפה א. ד. ג.].

death'ward *adv.* (דעטה'-הווארד) צום טויט.

death'-war'rant *n.* (דעטה'-הוואר'-ענט) א טויט-דעקרעט, א טויט-אורטייל.

death'-watch *n.* (דעטה'-הוואטש) טויטען-וואך [די לעצטע וואך ביי א טויטען-בעט]; א וואך געשטעלט איבער א פערורטיילטען פאר זיין הינריכטונג; דער טויטען-זייגער [אזא פליעג וואס מאכט אזא גערויש, ווי דאס קלאפען פון א זייגער און עס עקזיסטירט אן אבערגלויבען, אז ער זאגט אן טויט].

death'-wound *n.* (דעטה'-הוואונד) א טויטליכע וואונד.

deave *v.* (דיעוו) טויב ווערען.

debac'le *n.* (די-בעק'ל) א פלעצליכע פערפלייצונג; א געלאף אין גרויס אומארדנונג.

debar' *v.* (די-באר') אויסשליסען; ניט דערלאזען, הינדערען.

The student was **debarred** from the examinations.

debark' *v.* (די-בארק') לאנדען פון א שיף, פערלאזען א שיף, ארויסגעהן אויף דער יבשה, אויסלאדען א שיף.

debarka'tion *n.* (די-באר-קיי'-שאן) דאס לאנדען פון א שיף; דאס אויסלאדען א שיף.

debar'ment *n.* (דע-באר'-מענט) דאס אויסשליסען; דאס אויסגעשלאסען ווערען; דאס הינדערען, דאס ניט דערלאזען עטוואס צו ערגרייכען.

debase' *v.* (די-בייס') 1. דעגראדירען, ערנידריגען אין ווערטה; שלעכטער מאכען, פעלשען [מעטאלען א. ד. ג.]; 2. פערדארבען.

1. The law **debased** the value of the silver dollar. 2. Their morals were **debased**.

debased' *a.* (די-בייסט') פערמינדערט אדער געזונקען אין ווערטה; געפעלשט.

debased' cur'rency (די-בייסט' קויר'-ענ-סי) א גאלדענע אדער זילבערנע גאנגבארע מטבע וואס האט ניט אין זיך דעם פולען ווערטה אין מעטאל.

The silver dollar is **debased currency**.

debase'ment *n.* (די-בייס'-מענט) ערנידריגונג אין ווערטה; פעלשונג; דאס זיין ערנידערט אדער פערמינדערט אין ווערטה.

deba'ser *n.* (די-ביי'-סער) איינער אדער עפעס וואס ערנידעריגט אין ווערטה אדער פעלשט.

deba'sing *a.* (די-ביי'-סינג) ערנידריגענדיג אין ווערטה, פעלשענדיג.

deba'singly *adv.* (די-ביי'-סינג-לי) ז. ***debasing***

deba'table *a.* (די-ביי'-טעבל) שטרייטיג; דעבאטירבאר.

debate' *v. and n.* (די-בייט') דעבאטירען, האבען א ויכוח; זיך עצה'נען; אונטערזוכען, אויספארשען; ארומטראכטען, בעטראכטען; א דעבאטע, א ויכוח, א שטרייט.

deba'ter *n.* (די-ביי'-טער) א דיספוטאנט, איינער וואס האט ליעב פאלעמיק אדער ויכוחים; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א דעבאטע.

debate' upon' (די-בייט' א-פאן') פאלעמיזירען, דעבאטירען איבער עטוואס; זיך עטוואס איבערלעגען.

debate' with one's self (די-בייט' הוויטה הוואנז סעלף) זיך מישב זיין, איבערלעגען זיך.

deba'ting-club *n.* (די-ביי'-טינג-קלאב) א קלוב צו דעבאטירען פערשיעדענע פראגען.

deba'tingly *adv.* (די-ביי'-טינג-לי) אויף דעם אופן פון א דעבאטע.

deba'ting-soci'ety *n.* (די-ביי'-טינג-סא-סאי'-ע-טי) א פעראיין צו דעבאטירען פערשיעדענע פראגען.

debauch' *v. and n.* (די-באהטש') פערפיהרען; פערדארבען [די מאראל]; פיהרען אן אויסגעלאסען לעבען; א הוליאנקע; פרעסעריי און זויפעריי; שארלאטאנעריי.

debauched' *a.* (די-באהטשט') פערדארבען [אין מאראל]; אויסגעלאסען, שארלאטאניש.

debau'chedly *adv.* (די-באה'-טשעד-לי) אויף אן אויסגעלאסענעם אופן.

debau'chedness *n.* (די-באה'-טשעד-נעס) אויסגעלאסענהייט, פערדארבענהייט, שארלאטאנעריי.

debauchee' *n.* (דעב-א-שיע') א שארלאטאן, אן אויסגעלאסענער מענש; א שכור.

debau'cher *n.* (די-באה'-טשער) א פערפיהרער, א פערדארבער פון מאראל.

debau'chery *n.* (די-באה'-טשער-אי) שכרות, אן אויסגעלאסען לעבען; פרעסעריי; דאס אראבפיהרען פון'ם גלייכען וועג; פערדארבונג [פון מאראל].

debauch'ment *n.* (די-באהטש'-מענט) דאס פערפיהרען; אויסגעלאסענקייט.

deben'ture *n.* (די-בענ'-טשור) א שטר-חוב, א שולד-צעטעל; אן אבליגאציע פון אן אקציען-געזעלשאפט; א בעשייניגונג וואס דאס צאל-אמט [טאמאזשנע] גיט ארויס צו איינעם וואס האט אריינגעפיהרט אויסלענדישע סחורה, אז ער דארף בעקומען צוריק אויסגעצאהלט דאס געלד, וואס ער האט אבגעצאהלט אלס גרענעץ-אבצאהל, ווען ער וועט די סחורה צוריק ארויספיהרען פון לאנד.

deben'tured *a.* (די-בענ'-טשורד) געזיכערט דורך א שטר-חוב אדער שולד-צעטעל; וואס איז בערעכטיגט צו בעקומען אויסגעצאהלט צוריק די גרענעץ-אבצאהל פאר צוריק ארויסגעפיהרטע אויסלענדישע סחורות.

deben'tured goods (די-בענ'-טשורד גודז) סחורות, פאר וועלכע מען בעצאהלט צוריק די גרענעץ-אבצאהל, ווען זיי ווערען ארויסגעפיהרט צוריק פון'ם לאנד.

deb'ile *a.* (דעב'-איל) שוואך.

debil'itant *a. and n.* (די-ביל'-אי-טענט) וואס שוואכט אב; א מעדיצין צו פערמינדערען אויפרעגונג.

debil'itate *v.* (די-ביל'-אי-טייט) שוואך מאכען.

debilita'tion *n.* (די-ביל-אי-טיי'-שאן) אן אבשוואכונג, דאס שוואך ווערען.

debil'ity *n.* (די-ביל'-אי-טי) שוואכקייט, מאטקייט.

Old people generally suffer from **debility**.

deb'it *v. and n.* (דעב'-איט) דעבעטירען, פערשרייבען אויף דער דעבעט-זייט פון א רעכנונג; שטעלען אויף איינעם'ס רעכנונג: א חוב, דעבעט: די דעבעט-זייט פון א קאנטא [אין האנדעלס-ביכער].

deb'itor *n.* (דעב'-אי-טאר) א בעל חוב, איינער וואס איז שולדיג אימעצען.

debonair' *a.* (דעב-א-נעהר') העפליך, ליעבליך, גוטמוטיג, לוסטיג, פרעהליך.

His manner is very **debonair**.

debonair'ly *adv.* (דעב-א-נעהר'-לי) מיט העפליכקייט, ליעבליך, גוטמוטיג, לוסטיג.

debonair'ness *n.* (דעב-א-נעהר'-נעס) העפליכקייט. לוסטיגקייט, ליעבליכקייט, גוטהערציגקייט.

debouch' *v.* (דע-בוש') ארויסקומען, ארויסטרעטען, ארויסמארשירען [פון אן ענגען ארט].

débouché' *n.* (דע-בו-שיי') אן ערעפנונג [ווי די ערעפנונג פון א געשעפט]; אן אנהויב.

debouch'ment *n.* (דע-בוש'-מענט) דאס ארויסטרעטען אדער ארויסברעכען [פון אן ענגען ארט]; אן ארויסטריט; אן ארויסלאז.

debris' *n.* (דע-ברי') רואינען, חורבות; ברוכשטיקער.

debt *n.* (דעט) א שולד, א חוב; א זינד.

debtee' *n.* (דע-טיע') דער קרעדיטאר, דער מלוה.

debt'less *a.* (דעט'-לעס) פריי פון חובות.

debt of hon'or (דעט אוו אנ'-אר) אן עהרען-שולד [א שולד וואס קען געזעצליך ניט געמאהנט ווערען, נאר איז אבהענגיג פון דעם עהרען-ווארט פון דעם שולדנער, בעזאנדערס זיינען עס שולדען פון קארטען שפיעלען, וועטען א. ד. ג.].

debt'or *n.* (דעט'-אר) א בעל חוב, איינער וואס איז שולדיג געלד.

debts ac'tive and pas'sive (דעטס עק'-טיוו ענד פעס'-איוו) דער אקטיוו און דער פאסיוו פון א פירמע [דאס פערמעגען וואס די פירמע האט און ס'קומט איהר און איהרע חובות, וואס זי איז שולדיג אנדערע].

debts and ow'ing (דעטס ענד או'-אינג) פערמעגען און שולדען; אקטיוו און פאסיוו.

de'buscope *n.* (די'-באס-קאופ) אזא דאפעלטער שפיגעל פאר געאמעטרישע צוועקען, אין וועלכען די ביידע שפיגעל-פלעכען שטעהען אונטער א ווינקעל פון 70 גראד.

début' *n.* (דיי-ביו') דעביוט, אנהויב, דער ערשטער ארויסטריט אין געזעלשאפט אדער אויף דער סצענע.

débutant' *n.* (דיי-ביו-טאן') א דעביוטאנט, איינער וואס מאכט דעם ערשטען אויפטריט. ז. ***debut***

débutante' *n.* (דיי-ביו-טאנט') א דעביוטאנטין, א יונג מיידעל וואס טרעט ארויס צום ערשטען מאל אין דער געזעלשאפט; אן אקטריסע וואס טרעט ארויס דאס ערשטע מאל אויף דער סצענע.

decac'erous *a.* (דע-קעס'-ע-ראס) וואס האט צעהן הערנער אדער ארעמס.

dec'achord *n.* (דעק'-ע-קארד) דוד'ס הארף [אזא צעהן-סטרוניגער מוזיק-אינסטרומענט].

dec'ad *n.* (דעק'-עד) ז. ***decade***

dec'adal *a.* (דעק'-ע-דעל) וואס בעשטעהט פון צעהן טיילען; וואס האט שייכות צו צעהן-טייליגע זאכען.

dec'ade *n.* (דעק'-אייד) די צאהל צעהן א צעהנדלינג; א פעריאדע פון צעהן יאהר.

The American Republic was established in the eighth **decade** of the eighteenth century.

deca'dence *n.* (די-קיי'-דענס) דאס צו־פאלען, דאס זינקען, דאס אונטערגעהן, דאס אבשטארבען; דעקאדענץ [א געוויסע ריכטונג אין קונסט און ליטעראטור, וועלכע בעהויפטעט, אז לאגישער זין און רעאליטעט איז נים דער עיקר פון פאעזיע און קונסט און אז די פארם פון דיכטונג און קונסט קען ניט זיין בעגרענעצט פון בעשטימטע פעסטגעשטעלטע כללים].

deca'dency *n.* (די-קיי'-דענ-סי) ז. *decadence*.

deca'dent *a.* and *n.* (די-קיי'-דענט) וואס פאלט פונאנדער, וואס זינקט, וואס שטארבט אב; א געפאלענער, א געזונקע־נער [איינער וואס פאלט אראב פון זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאפט]; א דעקאדענט [אן אנהענגער פון דער דע־קאדענטישער ריכטונג אין דער ליטעראטור און קונסט. ז. *decadence*].

dec'agon *n.* (דעק'-ע-גאן) א צעהן־עקי־גע געאמעטרישע פיגור.

decag'onal *a.* (דע-קעג'-א-נעל) וואס האט די פארם פון א געאמעטרישער צעהן־עקיגער פיגור.

dec'agram *n.* (דעק'-ע-גרעם) א צעהן־גראם געוויכט.

dec'agramme *n.* (דעק'-ע-גרעם) ז. *decagram*.

dec'agyn *n.* (דעק'-ע-דזשין) א פלאנ־צע וואס האט צעהן פיסטילען [„פיסטיל" איז דער וויבליכער אדער זוימען־טרא־גענדער ארגאן פון א בליהענדער פלאנ־צע].

Decagyn'ia *n.* (דעק-ע-דזשינ'-אי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צעהן פיס־טילען. ז. *decagyn*.

decagyn'ian *n.* (דעק-ע-דזשינ'-אי-ען) ז. *decagynous*.

decag'ynous *a.* (דע-קעדזש'-אי-נאס) וואס האט צעהן פיסטילען. ז. *decagyn*.

decahe'dral *a.* (דעק-ע-הי'-דרעל) צעהן־זייטיג [װעגען א געאמעטרישען קערפער].

decahe'dron *n.* (דעק-ע-הי'-דראן) א דעקאעדער [א געאמעטרישער קערפער מיט צעהן זייטען־פלעכען].

decalcifica'tion *n.* (די-קעל-סי-פי-קיי'-שאן) דאס אראבנעהמען דעם גרינשטיין וואס וואקסט אן אויף די צייהנער.

dec'aliter *n.* (דעק'-ע-לי-טער) א דעקא־ליטער [א פליסיגקייטס־מאס פון צעהן ליטער וואס איז גלייך 2.64 אמעריקאנער גאלאנס].

dec'alitre *n.* (דעק'-ע-לי-טער) ז. *decaliter*.

decal'ogist *n.* (דע-קעל'-א-דזשיסט) איינער וואס ערקלערט די עשרת הדברות אדער מאכט צו זיי א פירוש.

dec'alogue *n.* (דעק'-ע-לאג) די צעהן געבאט, די עשרת הדברות.

Decameron'ic *a.* (דע-קעם-ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך אדער איז ענליך צום דע־קאמעראן [א בעריהמטע זאמלונג פון ער־צעהלונגען פון דעם איטאליענישען שריפט־שטעלער באקאטשיא].

dec'ameter *n.* (דעק'-ע-מי-טער) א דע־קאמעטער [א לענגען־מאס פון צעהן מע־טער, וואס איז גלייך 32.8 פוס].

dec'ametre *n.* (דעק'-ע-מי-טער) ז. *decameter*.

decamp' *v.* (די-קעמפ') 1. פערלאזען דעם לאגער, אוועקמארשירען; 2. זיך אבטרא־גען, אנטלויפען, מאכען פליטה.

1. The army **decamped** at six o'clock. 2. They had privately **decamped** from my father's house.

decamp'ment *n.* (די-קעמפ'-מענט) דאס פערלאזען דעם לאגער, דאס אוועק־מאשירען.

dec'anal *a.* (דעק'-ע-נעל) וואס אנבע־לאנגט צו א דעקאן אדער זיין וואהנונגס־פלאץ. ז. *dean*.

decan'der *n.* (דע-קענ'-דער) א פלאנצע וואס האט צעהן שטויבפעדים [דער שטויב־פאדים איז דער מענליכער ארגאן פון די בליהונגס־פלאנצען].

Decan'dria *n.* (דע-קענ'-דרי-א) די פלאנצען וואס האבען צעהן שטויבפעדים. ז. *decander*.

decan'drian *a.* (דע-קענ'-דרי-ען) וואס האט צעהן שטויבפעדים [װעגען פלאנ־צען].

decan'drous *a.* (דע-קענ'-דראס) וואס האט צעהן שטויבפעדים [װעגען פלאנ־צען].

decan'gular *a.* (דע-קענ'-גיו-לער) צעהן־ווינקעלדיג.

decant' *v.* (די-קענט') פילטרירען, לייי־טערען; איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decanta'tion *n.* (די-קענ-טיי'-שאן) פילטרירונג; דאס איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decan'ter *n.* (די-קענ'-טער) א פערציער־טע קאראפינקע צום האלטען ליקער אדער וויין צום טיש; א כלי צום פילטרירען; איינער וואס פילטרירט ליקער.

decapet'alous *a.* (דעק-ע-פעט'-ע-לאס) וואס האט צעהן בלומען־בלעטער [װעגען געוויסע בלומען].

decaphyl'lous *a.* (דעק-ע-פיל'-אס) צעהן־בלעטערדיג [װעגען פלאנצען].

decap'itate *v.* (די-קעפ'-אי-טייט) אראבהאקען דעם קאפ, קעפען; אראבווא־פען פון אמט, מאכען אויס פריץ.

decapita'tion *n.* (די-קעפ-אי-טיי'-שאן) דאס אראבהאקען דעם קאפ, דאס קעפען; דאס אראבווארפען פון אמט, דאס מאכען אויס פריץ.

dec'apod *n.* and *a.* (דעק'-ע-פאד) א צעהן־פיסיגער [ווי א קרעבס, א ראק]; צעהן־פיסיג.

Decap'oda *n.* (דע-קעפ'-א-דא) דער מין צעהן־פיסיגע קרעבס־טהיערע.

decap'odal *a.* (דע-קעפ'-א-דעל) צעהן־פיסיג.

dec'apode *a.* and *n.* (דעק'-ע-פאוד) ז. *decapod*.

decapod'iform *a.* (דעק-ע-פאד'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ראק [קרעבס].

decap'odous *a.* (דע-קעפ'-א-דאס) צעהן־פיסיג.

decar'bonate *v.* (די-קאר'-בא-נייט) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decarboniza'tion *n.* (די-קאר-בא-ני-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף [ווי דאס ווערט געטהאן ביים פער־וואנדלען גוס־אייזען אין שטאל]; די טייל־ווייזע בעפרייאונג פון קויהלען־שטאף.

decar'bonize *v.* (די-קאר'-בא-נאיז) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decar'burise *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) ז. *decarburize*.

decarburiza'tion *n.* (די-קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף. ז. *decarbonization*.

decar'burize *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) בעפרייען אין גאנצען, אדער צום טייל, פון קויהלען־שטאף.

decare' *n.* (דע-קעהר') א פלעכען־מאס פון טויזענד קוואדראט־מעטער.

dec'astere *n.* (דעק'-ע-סטיר) צעהן קו־ביק מעטער.

dec'astich *n.* (דעק'-ע-סטיק) א פאעמע, וואס בעשטעהט פון צעהן שורות.

dec'astyle *a.* (דעק'-ע-סטאיל) וואס האט צעהן זיילען אין פראנט [װעגען געוויסע אלטע טעמפלען].

A **decastyle** temple.

decasyllab'ic *a.* (דעק-ע-סי-לעב'-איק) וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decasyl'lable *n.* (דעק-ע-סיל'-עבל) א שורה וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decau'date *v.* (די-קאה'-דייט) אראבהא־קען דעם עק.

decay' *n.* and *v.* (די-קיי') דאס פער־דארבען ווערען; דאס צופוילט ווערען; דאס פונאנדערפאלען; דאס אבשטארבען; צופאלען; זינקען; פוילען, פערדארבען ווערען; שוואך ווערען; אבשטארבען.

decayed'ness *n.* (די-קייד'-נעס) דאס זיין צופוילט, דאס זיין פערדארבען, דאס זיין פונאנדערגעפאלען.

decayed' stores (די-קייד' סטאורז) פערדארבענער פראוויאנט.

decayed' wine (די-קייד' הוואין) אויס־געוועפטער וויין.

decayed' with age (די-קייד' הוויטה איידזש) צופאלען פון עלטער.

decay'er *n.* (די-קיי'-ער) עטוואס וואס פעראורזאכט אז א זאך זאל פוילען אדער פערדארבען ווערען.

decease' *n.* and *v.* (די-סיעס') די פטירה, דער טויט; נפטר ווערען, שטאר־בען.

deceased' *a.* (די-סיעסט') געשטארבען; נפטר געווארען.

dece'dent *n.* (די-סי'-דענט) א פער־שטארבענער, א נפטר.

deceit' *n.* (די-סיעט') פאלשקייט; בע־טרוג; א נארעריי; שווינדעל; גנב'ישע שטיק.

deceit'ful *a.* (די-סיעט'-פול) בעטרי־געריש, שווינדלעריש, אבנארעריש.

deceit'fully *adv.* (די-סיעט'-פול-אי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערי־שען אופן; מיט בעטרוג; מיט דער אב־זיכט צו בעטריגען אדער בעשווינדלען.

deceit'fulness *n.* (די-סיעט'-פול-נעס) די נייגונג צו זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש; בעטריגערישקייט.

deceit'less *a.* (די-סיעט'-לעס) אהן פאלשקייט, אהן שווינדעל.

deceiv'able *a.* (די-סיעוו'-עבל) וואס קען בעשווינדעלט אדער אבגענארט ווע־רען.

deceiv'ableness *n.* (די-סיעוו'-עבל-נעס) דאס קענען בעשווינדעלט אדער אב־גענארט ווערען.

deceiv'ably *adv.* (די-סיעוו'-ע-בלי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערי־שען אופן.

deceive' *v.* (די-סיעוו') בעשווינדלען, אבנארען.

deceiv'er *n.* (די-סיעוו'-ער) א שווינד־לער, א בעטריגער, אן אבנארער.

Decem'ber *n.* (די-סעמ'-בער) דער מא־נאט דעצעמבער.

Decem'berly *a.* (די-סעמ'-בער-לי) ווי אין דעצעמבער; ווינטערדיג; קאלט.

Decem'brist *n.* (די-סעמ'-בריסט) א דעקאבריסט [איינער פון דעם רעוואלו־ציאנערען פערבאנד אין רוסלאנד, וואס

האט געשטרעבט איינצופיהרען א קאנסטיטוציע אין רוסלאנד. דעם עפענטליכען ארויסטרעט האט דיזער פערבאנד געמאכט דעם 28טען דעצעמבער אין יאהר 1825, ווען די סאלדאטען האבען געדארפט שווערען טרייהייט צו ניקאלאי דעם ערשטען, וועלכער איז דאן ארויף אויף דעם רוסישען טהראן].

decem'fid *a.* (די־סעמ׳־פיד) געטיילט אין צעהן טיילען, צעהן־שפאלטיג [ווענען געוויסע פלאנצען].

decemped'al *a.* (די־סעמ־פעד׳־על) וואס האט צעהן פיס; צעהן־פיסיג.

decem'vir *n.* (די־סעמ׳־וויר) א דעצעמוויר [איינער פון די צעהן פערזאן וואס האבען צוזאמענגעשטעלט מיט זיך א קאנסטיטוציאנעלע קערפערשאפט אין דעם אלטען רוים. אזעלכע קערפערשאפטען זיינען געווען פיער: פאר פערוואלטונג, פאר געריכט, פאר רעליגיאן און פאר לאנדווירטשאפט]; איינער פון א צעהן־גליעדערדיגער אפיציעלער קערפערשאפט.

decem'viral *a.* (די־סעמ׳־ווי־רעל) וואס איז שייך צו די דעצעמווירען. ז. *decemvir*.

decem'virate *n.* (די־סעמ׳־ווי־רייט) אן אפיציעלע קערפערשאפט וואס בעשטעהט פון צעהן מיטגליעדער.

de'cency *n.* (די׳־סענ־סי) אנשטענדיגקייט; שטאט; זיטליכקייט.

decen'nary *n. and a.* (די־סענ׳־ע־רי) א פעריאדע פון צעהן יאהר; א בעצירק פון צעהן פאמיליעס; וואס איז שייך צו א בעצירק פון צעהן פאמיליעס.

decen'nial *a. and n.* (די־סענ׳־אי־על) צעהן־יעהריג; א צעהן־יעהריגער יובילעאום.

decen'noval *a.* (די־סענ׳־א־וועל) וואס געהערט צו דער צאהל ניינצעהן; וואס איז שייך צו א פעריאדע פון ניינצעהן יאהר.

decen'novary *a.* (די־סענ׳־א־ווע־רי) ז. *decennoval*.

de'cent *a.* (די׳־סענט) אנשטענדיג; זיטליך, סטאטעטשנע.

de'cently *adv.* (די׳־סענט־לי) אויף אן אנשטענדיגען אופן; מיט שטאט; מיט גוטער בענעהמונג; מיט יושר; מיט טאלעראנץ.

de'centness *n.* (די׳־סענט־נעס) ז. *decency*.

decentraliza'tion *n.* (די־סענ־טרעל־אי־זיי׳־שאן) דעצענטראליזירונג; דאס זיין דעצענטראליזירט [הויפטזעכליך ווענען דער רעגירונגס פארם וואס בעצוועקט, אז ניט די גאנצע רעגירונגס־מאכט זאל זיין קאנצענטרירט אין די הענד פון דער צענטראלער רעגירונג].

decen'tralize *v.* (די־סענ׳־טרעל־איז) דעצענטראליזירען, אוועקנעהמען פון צענטער. ז. *decentralization*.

decep'tion *n.* (די־סעפ׳־שאן) בעטרוג, אבנארעריי; שווינדעל; אן אילוזיע; דאס זיין בעשווינדעלט אדער בעטראגען.

decep'tive *a.* (די־סעפ׳־טיוו) בעטריגעריש, פאלש.

decep'tively *adv.* (די־סעפ׳־טיוו־לי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן.

decep'tiveness *n.* (די־סעפ׳־טיוו־נעס) די נייגונג צו שווינדעל, בעטרוג אדער פאלשקייט.

deceptiv'ity *n.* (די־סעפ־טיוו׳־אי־טי) דאס זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש.

decep'tory *a.* (די־סעפ׳־טא־רי) וואס נארט, וואס בעטריגט.

decern' *v.* (די־סורן׳) משפט'ען, ארויסגעבען א פסק־דין אדער אורטייל.

decer'niture *n.* (די־סויר׳־ני־טשור) א פסק־דין, אן אורטייל פון א געריכט.

decharm' *v.* (די־טשארם׳) בעפרייען פון צויבער, אראבנעהמען דעם כשוף.

dechristianiza'tion *n.* (די־קרים־טשיענ־אי־זיי׳־שאן) אבווענדונג פון קריסטענטום; אויסווארצלונג פון דעם קריסטליכען גייסט.

dechris'tianize *v.* (די־קרים׳־טשיענ־איז) זיך אבווענדען פון'ם קריסטענטום; אבציהען פון'ם קריסטענטום; אויסווארצלען דעם קריסטליכען גייסט.

deciare' *n.* (דעס־יעהר׳) א פלעכען־מאס פון צעהן קוואדראט־מעטער.

deci'dable *a.* (די־סאי׳־דעבל) וואס קען ווערען ענטשיעדען; בעשטימבאר.

decide' *v.* (די־סאיד׳) בעשטימען, ענטשיידען, ענטשליסען זיך.

deci'ded *a.* (די־סאי׳־דעד) בעשטימט; ענטשיעדען; ענטשלאסען.

deci'dedly *adv.* (די־סאי׳־דעד־לי) לחלוטין, אהן שום צווייפעל; אויף אן ענטשיידענדען אופן; קלאר און בינדיג.

deci'dedness *n.* (די־סאי׳־דעד־נעס) ענטשלאסענהייט, ענטשיעדענהייט, בעשטימטהייט.

deci'der *n.* (די־סאי׳־דער) דער וואס ענטשיידעט; דער שיעדס־ריכטער.

deci'dingly *adv.* (די־סאי׳־דינג־לי) אויף אן ענטשיידענדען אופן.

decid'uous *a.* (די־סיד׳־יו־אס) אראבפאלענדיג; וואס פאלט אראב נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער]; ניט פעסט, ניט בעשטענדיג.

decid'uous in'sects (די־סיד׳־יו־אס אינ׳־סעקטס) די אינזעקטען, ביי וועלכע עס פאלען אראב די פליגעלען נאך דער געשלעכטליכער פארונג [ווי ביי דער "זוי" פון מוראשקעס].

decid'uousness *n.* (די־סיד׳־יו־אס־נעס) דאס האבען די אייגענשאפט אראבצופאלען נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער].

dec'igram *n.* (דעס׳־אי־גרעם) א דעציגראם [א געוויכט פון א צעהנטעל גראם]. ז. *gram*.

dec'igramme *n.* (דעס׳־אי־גרעם) ז. *decigram*.

dec'iliter *n.* (דעס׳־אי־לי־טער) א צעהנטעל פון א ליטער. ז. *liter*.

dec'ilitre *n.* (דעס׳־אי־לי־טער) ז. *deciliter*.

decil'lion *n.* (די־סיל׳־יאן) א דעציליאן [אין דער ענגלישער ציפער־סיסטעם — 1 מיליאן געדאפעלט 10 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 60 נולען; אין דער פראנצויזישער און אמעריקאנער ציפער־סיסטעם — 1 טויזענד געדאפעלט 11 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 33 נולען].

decil'lionth *a. and n.* (דע־סיל׳־יאנטה) וואס איז שייך צו א דעציליאן; איין דעציליאנטעל, א דעציליאנטע טייל. ז. *decillion*.

dec'imal *a. and n.* (דעס׳־אי־מעל) דעצימאל, געטיילט אין צעהן; געצעהלט אין צעהנדליג; א דעצימאל־ברוך; א צעהנט־חלק.

dec'imal bal'ance (דעס׳־אי־מעל בעל׳־ענס) א דעצימאל־וואג [אזא וואג, וואס דאס געוויכט אויף איין וואג־שאל באלאנסירט מיט א צעהן מאל שווערערע מאסע אויף דער אנדערער שאל].

dec'imal frac'tion (דעס׳־אי־מעל פרעק׳־שאן) א דעצימאל־ברוך [א טייל פון א גאנצע, וואס ווערט אויסגעדריקט נור דורך צעהנטעל, הונדערטעל, טויזענדטעל א. ז. וו., ווי .001 ,.01 ,.1 א. ז. וו. אדער .234 ,.023 א. ז. וו.].

dec'imalism *n.* (דעס׳־אי־מעל־איזם) דאס דעצימאל־סיסטעם. ז. *decimal system*.

dec'imalist *n.* (דעס׳־אי־מעל־איסט) אן אנהענגער פון דעם דעצימאל־סיסטעם אין וואג, אין מאס א. ד. ג.

decimaliza'tion *n.* (דעס־אי־מעל־אי־זיי׳־שאן) אומרעכענען אויף דאס דעצימאל־סיסטעם; איינפיהרען דאס דעצימאל־סיסטעם.

dec'imalize *v.* (דעס׳־אי־מעל־איז) אומרעכענען אויף דעם יסוד פון דעצימאל־סיסטעם; איבערפיהרען אויף א דעצימאל־סיסטעם.

dec'imally *adv.* (דעס׳־אי־מעל־אי) אין צעהנער אדער צעהנטלעך; דורך דעצימאל.

dec'imal meas'ure (דעס׳־אי־מעל מעזש׳־אור) א מאס וועלכע געהערט צו דעם דעצימאל־סיסטעם, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.

dec'imal nota'tion (דעס׳־אי־מעל נא־טיי׳־שאן) די דעצימאלע ציפער־סיסטעם [די געוועהנליכע ציפער־סיסטעם וואס ווערט געברויכט, וואו יעדע ציפער אין דער רייה פון רעכטס צו לינקס ווערט פערגרעסערט 10 מאל].

dec'imal point (דעס׳־אי־מעל פאינט) א דעצימאל פונקט [דער פונקט וואס שטעלט זיך פאר א דעצימאל־ברוך ווי .1, .02].

dec'imal sys'tem (דעס׳־אי־מעל סיס־טעם) דאס דעצימאל־סיסטעם [א סיסטעם, וואו מאסען און וואגען זיינען גרעסער אדער קלענער איינע פון דער אנדערער אין צעהן מאל, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.].

dec'imate *v.* (דעס׳־אי־מייט) 1. אויסקלייבען דורך גורל יעדען צעהנטען צום טויטען [א בארבארישער מנהג פון אלטע צייטען ביים בעשטראפען קריגס־געפאנגענע אדער רעבעלען]; 2. א תל מאכען, טויטען מאסענווייז.

2. The troops were decimated by the enemy's fire.

decima'tion *n.* (דעס־אי־מיי׳־שאן) דאס אויסקלייבען יעדען צעהנטען דורך גורל צום טויטען; דאס טויטען מאסענווייז; דאס מאכען א תל.

dec'imator *n.* (דעס׳־אי־מיי־טאר) איינער וואס טויטעט יעדען צעהנטען [פון געפאנגענע]; א פערוויסטער.

decime' *n.* (דע־סים׳) א פראנצויזישע מטבע, וואס איז א צעהנטעל פון א פראנק [אן ערך צוויי אמעריקאנער סענט].

dec'imeter *n.* (דעס׳־אי־מי־טער) א דעצימעטער [א לענגען מאס, וואס איז א צעהנטעל פון א מעטער].

dec'imetre *n.* (דעס׳־אי־מי־טער) ז. *decimeter*.

dec'imo-octa'vo *n.* (דעס׳־אי־מאו־אק־טיי׳־וואו) דאס אכטצעהנטעל־פארמאט [ווענען דרוקשריפטען וועו אכטצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק־בויגען].

dec'imo-sex'to *n.* (דעס׳־אי־מאו־סעקס־

טאו) דאס זעכצעהנטעל-פארמאט [וועגען דרוק-שריפטען, ווען זעכצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק-בויגען].

deci'pher *v.* (די-סאי'-פער) 1. דעשיפרירען, דורכלעזען א שיפרירטען בריעף אדער אנדער שריפט, וואס איז געשריבען פערשטעלט; 2. לעזען וואס איז אונקלאר געשריבען; 3. ערקלערען, ענטדעקען דעם זין פון א פערפלאנטערטען, אונקלארען עניין אדער זאך; 4. בעשרייבען.

1. The manager took the code and proceeded to **decipher** the massage. 2. We find it hard to **decipher** this manuscript.

deci'pherable *a.* (די-סאי'-פער-עבל) וואס קען דעשיפרירט ווערען [וועגען א שריפט וואס איז געשריבען פערשטעלט]; וואס קען דורכגעלעזען ווערען, וואס קען ערקלערט ווערען.

deci'pherer *n.* (די-סאי'-פער-ער) איינער וואס דעשיפרירט [לעזט א פערשטעלטע אדער אונקלארע שריפט]; אן ערקלערער; איינער וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין.

deci'pheress *n.* (די-סאי'-פער-עס) איינע וואס דעשיפרירט א שריפט; איינע, וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין; אן ערקלערערין.

deci'pherment *n.* (די-סאי'-פער-מענט) דאס דורכלעזען שיפרירטע שריפטען; דאס פונאנדערפלאנטערען א שווערען עניין; דאס ערקלערען.

decip'ium *n.* (די-סיפ'-אי-אם) אזא מעטאל, וועלכען מען האט געפונען אין נארד-קאראלאינא אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין דער כעמיע איז דיעזער מעטאל ניט אנערקענט אלס כעמישער גרונד-עלעמענט].

deci'sion *n.* (די-סיזש'-אן) פסק-דין; ענטשיידונג, ענטשלוס.

The court rendered its **decision.**

deci'sive *a.* (די-סאי'-סיוו) ענטשיידענד; בעשטימט.

The opinion of the court is **decisive** on the question.

deci'sively *adv.* (די-סאי'-סיוו-לי) אויף אן ענטשלאססענעם, בעשטימטען אדער ענטשיידענדען אופן.

deci'siveness *n.* (די-סאי'-סיוו-נעס) געוויססהייט; בעשטימטהייט, ענטשיעדענהייט.

deci'sive step (די-סאי'-סיוו סטעפ) א וויכטיגער, ענטשיידענדער שריט.

decistère' *n.* (דעס-אי-סטעהר') א צעהנטעל פון א קוביק-מעטער אדער פון א קילאליטער [א טויזענדטעל פון א ליטער].

decit'izenize *v.* (די-סיט'-איזן-איז) אוועקנעהמען דאס בירגער-רעכט; מאכען פאר אוים בירגער.

deciv'ilize *v.* (די-סיוו'-אי-לאיז) אראבבריינגען פון א ציוויליזירטען צושטאנד צו א ווילדען.

deck *v. and n.* (דעק) בעדעקען; בעפוצען: א פערדעק פון א שיף; א טאליע [טעשעל] קארטען.

deck'-beam *n.* (דעק'-ביעם) איינער פון די באלקענס וואס האלטען אונטער דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-car'go *n.* (דעק'-קאר'-גאו) די פראכט וואס ווערט געלעגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

decked *a.* (דעקט) בעפוצט; וואס האט א פערדעק [וועגען א שיף].

deck'er *n.* (דעק'-ער) איינער אדער עטוואס, וואס בעפוצט אדער בעדעקט: א דעק-טוך; א שיף וואס האט א פערדעק.

deck'-hand *n.* (דעק'-הענד) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-house *n.* (דעק'-האוס) אזא ביידעל וואס ווערט געמאכט פאר געוויסע צוועקען אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'ing *n.* (דעק'-אינג) דאס בעפוצען; די בעפוצונג; אן ארנאמענט.

deck'le *n.* (דעקל) אזא ראהם וואס ווערט געברויכט ביים פאבריצירען פאפיער אבצופאסען די גרויס פון פאפיער-בויגען; אזא לייוווענדער באנד אין א פאפיער-מאשין וואס ווערט אנגעשטעלט פון ביידע זייטען פון פאפיער-בויגען איהם ניט צו דערלאזען צו ווערען ברייטער ווי די נויטיגע גרויס; דער רויהער ברעג פון א פאפיער-בויגען.

deck'le-edged *a.* (דעקל'-עדזשד) מיט רויהע ברעגען [וועגען ביכער וועלכע ווערען געבונדען מיט רויהע, ניט קיין ארומגעשניטענע בלעטער].

deck'le-strap *n.* (דעקל'-סטרעפ) אזא רימען אין א פאפיער מאשין וואס לויפט ביים ראנד פון פאפיער-בויגען, ניט צו דערלאזען, אז ער זאל ארויסקומען ברייטער ווי די נויטיגע מאס.

deck'-load *n.* (דעק'-לאוד) ז. ***deck-cargo***.

deck out (דעק אוט) אויספוצען.

The ladies were **decked out** in the height of fashion.

deck'-pas'sage *n.* (דעק'-פעס'-עדזש) די רייזע אויפ'ן פערדעק פון א שיף.

deck'-pas'senger *n.* (דעק'-פעס'-ענ-דזשער) א רייזענדער אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-plate *n.* (דעק'-פלייט) אזא מעטאל-פלאטע מיט וועלכער עס ווערט בעדעקט דער הייץ-פלאץ פון דער דאמפף-מאשין אין א שיף, כדי צו שיצען דעם פערדעק פון שיף פון היץ.

deck'-pump *n.* (דעק'-פאמפ) אזא האנד-פומפ וואס ווערט בענוצט צום וואשען דעם פערדעק פון א שיף.

declaim' *v.* (די-קליים') דעקלאמירען, פארלעזען; דרש'ענען; טומלען; רעדען פוסטע, הויכע ווערטער.

declai'mant *n.* (די-קליי'-מענט) א דעקלאמאטאר; א מליצה'דיגער רעדנער; איינער וואס טרעט ארויס היציג געגען א זאך.

declai'mer *n.* (די-קליי'-מער) א דעקלאמאטאר, א פארלעזער; א מליצה'דיגער רעדנער.

declama'tion *n.* (דעק-לע-מיי'-שאן) א דעקלאמאציאן; א מליצה'דיגע אדער היציגע רעדע.

declam'atory *a.* (די-קלעמ'-ע-טא-רי) דעקלאמאטאריש; בלויז פאר דעקלאמאציאן.

declar'able *a.* (די-קלעהר'-עבל) וואס קען בעוויזען ווערען; וואס קען דערקלערט ווערען.

declar'ant *n.* (די-קלעהר'-ענט) איינער וואס מאכט אן ערקלערונג אין געריכט.

declara'tion *n.* (דעק-לע-ריי'-שאן) אן ערקלערונג, א בעקאנטמאכונג; א דאקומענט וואס ענטהאלט אן ערקלערונג אדער בעקאנטמאכונג.

declara'tion of faith (דעק-לע-ריי'-שאן אוו פייטה) דער רעליגיעזער אני מאמין; פרינציפען-ערקלערונג.

Declara'tion of Indepen'dence (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-דע-פענ'-דענס) די אונאבהענגיגקייטס ערקלערונג פון די ענגלישע קאלאניעס אין אמעריקא, וועלכע איז געמאכט געווארען דעם 4טען יולי, 1776 [די בעפרייאונג פון די נארד-אמעריקאנישע שטאאטען, די איצטיגע פעראייניגטע שטאאטען פון דער הערשאפט פון גרויס בריטאניען].

Declara'tion of Indul'gence (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-דאל'-דזשענס) א מאניפעסט פון די ענגלישע קעניגע פון דער סטיוארט דינאסטיע אין 17טען יאהרהונדערט, אין וועלכען עס זיינען געגען געזעצע געשענקט געווארען מעהר רעכטע צו אנהענגער פון פרעמדע רעליגיאנען [ניט פון דער אנגליקאנישער קירך].

declara'tion of inten'tion (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-טענ'-שאן) אן ערקלערונג וואס דארף געמאכט ווערען אין געריכט פון אן אויסלענדער ווען ער וויל ווערען אן אמעריקאנער בירגער.

declara'tion of war (דעק-לע-ריי'-שאן אוו וואהר) קריעגס-ערקלערונג.

declar'ative *a.* (די-קלער'-ע-טיוו) ערקלערענדיג, בעקאנטמאכענדיג.

declar'atively *adv.* (די-קלער'-ע-טיוו-לי) אויף אן ערקלערענדען אופן; דורך בעקאנטמאכונג, דורך ערקלערונג.

declar'atorily *adv.* (די-קלער'-ע-טא-רי-לי) דורך ערקלערונג אדער פארשטעלונג.

declar'atory *a.* (די-קלער'-ע-טא-רי) ערקלערענדיג; פארשטעלענדיג, אנצייגענדיג.

declare' *v.* (די-קלעהר') ערקלערען, אנצייגען; בעקאנטמאכען; בעקאנטמאכען אן ענטשיידונג; פערזיכערען, פראקלאמירען; דערצעהלען; איבערגעבען אין צאל-אמט אן אויספיהרליכע פערצייכניס פון סחורות, פאר וועלכע עס דארף געצאהלט ווערען גרענעץ-אבצאל.

declare' a div'idend (די-קלעהר' ע דיוו'-אי-דענד) ערקלערען זיך גרייט צו צאהלען דיווידענד [ריוח].

declared' *a.* (די-קלעהרד') פראקלאמירט, פערעפענטליכט, בעקאנט געמאכט; אפען ארויסגעזאגט; אפען.

I am a **declared** candidate for the office.

declar'edly *adv.* (די-קלעהר'-עד-לי) אפען, בעשטימט.

declar'edness *n.* (די-קלעהר'-עד-נעס) דאס זיין ערקלערט, אנגעצייגט אדער בעקאנט געמאכט; דאס זיין פראקלאמירט.

declare' in debt (די-קלעהר' אין דעט) אנקלאגען אין געריכט פאר חובות.

declare' off (די-קלעהר' אף) זיך אבזאגען פון געוויסע פערפליכטונגען אדער אונטערנעהמונגען; זיך אבזאגען פון א געוואהנהייט.

She **declared** the engagement **off.**

declare' one's self (די-קלעהר' וואנז סעלף) ארויסזאגען א מיינונג, ארויסטרעטען פאר אדער געגען עטוואס.

He **declared himself** for woman-suffrage.

declar'er *n.* (די-קלעהר'-ער) א בעקאנטמאכער, א פראקלאמירער; אן ערקלערער.

declare' war (די-קלעהר' וואהר) ערקלערען קריעג.

declassed' *a.* (די-קלעסט') וואס איז א יורד, וואס איז א געפאלענער; וואס איז ארויסגעשטויסען פון דער געזעלשאפט.

declen'sion *n.* (די-קלענ'-שאן) א בארג-אראב; משופע'דיגקייט; נייגונג; אן אבוויכונג; אן אבזאג; א פאלען אדער זינקען אויף א נידריגע מדרגה; די בויגונג פון הויפטווערטער [די גראמאטיקאלישע ענדערונג פון די ווערטער וואס בעצייכענען

א נאָמען פון א זאך, ווי צ. ב. דער פּאַטער, דעם פּאַטער'ס א. ז. וו.].

declen'sional *a.* (די־קלענ'־שאַנ־על) וואָס איז שייך צו דער בויגונג פון הויפּטווערטער [די גראַמאַטיקאַלישע ענדערונג פון הויפּטווערטער].

decli'nable *a.* (די־קלאַי'־נעבל) וואָס קען געבויגען ווערען [בעזאָנדערס וועגען די גראַמאַטיקאַלישע ענדערונגען פון הויפּטווערטער].

decli'nal *a.* (די־קלאַי'־נעל) געבויגען נאָך אונטען; משופּע'דיג.

dec'linate *a.* (דעק'־לי־נייט) געבויגען נאָך אונטען [וועגען פּלאַנצען וואָס זיינען געבויגען].

declina'tion *n.* (דעק־לי־ניי'־שאַן) דעקלינאַציאָן, דאָס בויגען, דאָס בויגען נאָך אונטען אָדער אראָב־צו; דאָס זינקען אָדער פאַלען אויף א נידריגע מדרגה; דאָס אָבנייגען אָן א זייט; דאָס אָבווייכען פון דער גראַדער ליניע; דאָס אראָבגעהן פון דרך הישר; דאָס אָבזאָגען זיך; צוריקווייזונג; די אָבווייכונג פון דער מאַגנעט־נאָדעל פון איהר ריכטונג; דער ווינקעל וואָס בילדעט זיך צווישען דעם מאַגנעטישען מערידיאַן און דעם געאָגראַפישען; די ווייטקייט פון א שטערען פון דעם עקוואַטאָר פון דער ערד.

declina'tional *a.* (דעק־לי־ניי'־שאַנ־על) וואָס איז שייך צו דעקלינאַציאָן. ז. *declination*.

declina'tional tide (דעק־לי־ניי'־שאַנ־על טאַיד) דאָס הויבען זיך און אָבפאַלען פון דעם וואַסער פון ים [עבּ און פלוט], וואָס ווערט פעראורזאַכט דורך דער ענדערונג פון דער ווייטקייט פון דער לבנה פון דער ערד.

declina'tion com'pass (דעק־לי־ניי'־שאַן קאַמ'־פּעס) א ספּעציעלער איינגעשטעלטער קאָמפּאַס צום מעסטען די אָבווייכונגען פון א מאַגנעטישער נאָדעל.

declina'tion of the com'pass (דעק־לי־ניי'־שאַן אוו טהי קאַמ'־פּעס) די אָבווייכונג פון דער קאָמפּאַס־מאַגנעט־נאָדעל פון דעם ווירקליכען מערידיאַן אין וועלכען עס איז פּלאַץ [אין ניו־יאָרק צ. ב. ווייכט אָב די מאַגנעט־נאָדעל פון א קאָמפּאַס אויף אַן ערך 8 גראַד פון מערידיאַן אין דער ריכטונג צו מערב זייט].

declina'tion of the nee'dle (דעק־לי־ניי'־שאַן אוו טהי ניערל) ז. *declination of the compass*.

dec'linator *n.* (דעק'־לי־ניי־טאָר) אַן אינסטרומענט צו מעסטען די ווייטקייט פון א שטערען פון עקוואַטאָר פון דער ערד; איינער וואָס ענטזאָגט זיך.

decli'natory *a.* (די־קלאַי'־נע־טאָ־רי) וואָס איז שייך צו דעקלינאַציאָן (ז. *declination*); אָבזאָגענדיג זיך.

decli'nature *n.* (די־קלאַי'־נע־טשור) דאָס אָבזאָגען זיך.

decline' *n. and v.* (די־קלאַין') בויגען; בויגען אראָב; ענטזאָגען; זיך נייגען, זיך בויגען אראָב־צו; אָבווייכען פון דער גראַדער ריכטונג; אראָבגעהן פון גלייכען וועג; זיך ענטזאָגען; זינקען אויף א נידריגע מדרגה; קליין ווערען; שוואַך ווערען; דעקלינירען [בויגען א הויפּטוואָרט לויט די גראַמאַטיקאַלישע כללים, ווי צ. ב. אין העברעאיש אב, אבי אביך א. ז. וו.]; דאָס זינקען אויף א נידריגע מדרגה; דאָס שוואַך ווערען [ווי פון א קראַנקהייט]; דאָס ווערען שוואַך און עובר בטל.

declined' *a.* (די־קלאַינד') ז. *declinate*.

decli'ner *n.* (די־קלאַי'־נער) איינער וואָס ענטזאָגט זיך; א זון־זייגער.

decli'nograph *n.* (די־קלאַי'־נאָ־גרעף) אַן אַפּאַראַט וואָס פערצייכענט אויטאָמאַטיש די ווייטקייט פון שטערען פון דעם עקוואַטאָר פון דער ערד.

declinom'eter *n.* (דעק־לי־נאָמ'־ע־טער) אַן אינסטרומענט צו מעסטען די אָבווייכונגען פון א מאַגנעט־נאָדעל פון ווירקליכען מערידיאַן.

decli'nous *a.* (די־קלאַי'־נאָס) וואָס איז געבויגען נאָך אונטען אָדער אראָב־צו [וועגען פּלאַנצען].

dec'livate *a.* (דעק'־לי־ווייט) ווענינ געבויגען, עטוואָס משופּע'דיג; וואָס בילדעט מיט א פלעכע א ווינקעל פון ווענינער ווי 45 גראַד.

declive' *a.* (די־קלאַיוו') וואָס איז געבויגען נאָך אונטען אָדער אראָב־צו.

dec'livent *a.* (דעק'־לי־ווענט) געבויגען נאָך אונטען אָדער אראָב־צו; עטוואָס אָבגעבויגען.

decliv'itous *a.* (די־קליוו'־אי־טאָס) געבויגען נאָך אונטען אָדער אראָב־צו.

decliv'ity *n.* (די־קליוו'־אי־טי) די ריכטונג בארג־אראָב; א פלעכע וואָס איז געבויגען אראָב־צו.

decli'vous *a.* (די־קלאַי'־וואָס) ז. *declivitous*.

decoct' *v.* (די־קאָקט') 1. קאָכען; 2. פערדייען; 3. מאַכען בייזע פּלענער.

1. The cook contrived to **decoct** something tasteful for dinner. 3. The conspirators **decocted** some very clever schemes.

decoc'tible *a.* (די־קאָק'־טיבל) וואָס קען געקאָכט ווערען; וואָס קען פערדייט ווערען.

decoc'tion *n.* (די־קאָק'־שאַן) דאָס קאָכען, אויסקאָכען אָדער אָבקאָכען; דאָס וואַסער מיט וועלכען מען האָט אָבגעקאָכט פלייש אָדער גרינס.

decoc'ture *n.* (די־קאָק'־טשור) דאָס וואַסער אין וועלכען פלייש אָדער גרינס איז אָבגעקאָכט געוואָרען.

decohere' *v.* (די־קאָ־היער') מאַכען עפּעס זאָל מעהר ניט זיין צוזעקלעפּט אָדער בעהעפט; אָבטיילען, פונאַנדערנעהמען.

decol'late *v.* (די־קאָל'־אייט) אראָבהאַקען דעם קאָפּ, קעפּען.

decol'lated *a.* (די־קאָל'־איי־טעד) אראָבגעהאַקט דעם קאָפּ, געקעפּט.

decolla'tion *n.* (די־קאָ־ליי'־שאַן) דאָס אבהאַקען דעם קאָפּ, דאָס קעפּען.

décolleté' *a.* (דיי־קאָל־ע־טיי') דעקאָלטירט, טיעף אויסגעשניטען דער האַלז און שולטערען [וועגען פרויען־קליידער].

decol'or *v.* (די־קאַל'־אָר) אָוועקנעהמען דעם קאָליר; מאַכען עס זאָל אָבבלאַקירען אָדער בלייכען.

decol'orant *n. and a.* (די־קאַל'־אָר־ענט) וואָס האָט די אייגענשאַפט אראָבצונעהמען דעם קאָליר; וואָס מאַכט עס זאָל אָבבלאַקירען אָדער בלייכען; א מיטעל צום אָוועקנעהמען דעם קאָליר פון א שטאָף; א בלייכונגס־מיטעל.

decol'orate *v. and a.* (די־קאַל'־אָר־אייט) אָוועקנעהמען דעם קאָליר; מאַכען אַז עס זאָל אָבבלאַקירען; אָבגעבלאַקירט, אָבגעבלייכט.

decolora'tion *n.* (די־קאַל־אָ־ריי'־שאַן) דאָס אָוועקנעהמען דעם קאָליר פון עטוואָס; דאָס אָבבלאַקירען; דאָס ניט האָבען קיין קאָליר.

decolorim'eter *n.* (די־קאַל־אָ־רימ'־ע־טער) אַן אינסטרומענט צו מעסטען די ווירקונג פון בלייכונגס־מיטעל.

decoloriza'tion *n.* (די־קאַל־אָר־אַי־זיי'־שאַן) דאָס אָבבלאַקירען אָדער אָבבלייכען.

decol'orize *v.* (די־קאַל'־אָר־אַיז) ז. *decolor*.

decol'orizer *n.* (די־קאַל'־אָר־אַי־זער) עטוואָס וואָס נעהמט אָב דעם קאָליר אָדער וואָס מאַכט, אַז עס זאָל אָבבלאַקירען.

de'complex *a.* (די'־קאָם־פּלעקס) מיט צוזאַמענגעזעצטע אָדער קאָמפּליצירטע בעשטאַנדטיילען.

decomposabil'ity *n.* (די־קאָם־פּאָ־זע־ביל'־אי־טי) די מעגליכקייט פונאַנדערצופאַלען אָדער צו ווערען פונאַנדערגענומען אויף די גרונד־עלעמענטען אָדער בעשטאַנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאָפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען].

decompo'sable *a.* (די־קאָם־פּאָו'־זעבל) וואָס קען פונאַנדערגענומען ווערען אָדער צופאַלען אויף די גרונד־עלעמענטען אָדער בעשטאַנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאָפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; וואָס קען פערפוילט ווערען.

decompose' *v.* (די־קאָם־פּאָוס') אויפלעזען, פונאַנדערנעהמען אויף די גרונד־עלעמענטען אָדער בעשטאַנדטיילען [וועגען שטאָפען וואָס בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; צופאַלען, אויפגעלעזט ווערען; פערפוילען, צופוילט ווערען.

decomposed' *a.* (די־קאָם־פּאָוזד') וואָס איז פונאַנדערגעפאַלען אָדער פונאַנדערגעטיילט; אָבגעטיילט איינער פון דעם אַנדערען.

decompo'ser *n.* (די־קאָם־פּאָו'־זער) עטוואָס וואָס לעזט אויף אָדער נעהמט פונאַנדער די בעשטאַנדטיילען.

decompos'ite *n. and a.* (די־קאָם־פּאַז'־איט) וואָס בעשטעהט פון צוזאַמענגעזעצטע עלעמענטען; דאָפּעלט צוזאַמענגעזעצט; עטוואָס וואָס בעשטעהט פון א דאָפּעלטער צוזאַמענזעצונג.

decomposi'tion *n.* (די־קאָם־פּאָ־זיש'־אַן) דאָס צופוילט ווערען; דאָס פונאַנדערנעהמען אויף די גרונד־עלעמענטען אָדער בעשטאַנדטיילען; דאָס פונאַנדערפאַלען אויף די בעשטאַנדטיילען; א דאָפּעלטע צוזאַמענזעצונג פון עלעמענטען.

decomposi'tion of for'ces (די־קאָם־פּאָ־זיש'־אַן אוו פאָור'־סעז) דאָס פונאַנדערלעגען א צוזאַמענגעזעצטע קראַפט אויף איהרע בעשטאַנדטיילען.

decomposi'tion of light (די־קאָם־פּאָ־זיש'־אַן אוו לאַיט) דאָס פונאַנדערלעגען א ליכט־שטראַהל אין זיינע פּריזמאַטישע קאָלירען [ווען מען לאָזט דורך א ליכט־שטראַהל דורך א דרייקאַנטיגען געשליפענעם גלעזעל (פּריזמאַ), בעקומט מען א בילד פון פאַרבען, וועלכע מען זעהט אין א רעגען־בויגען].

decompound' *n., a. and v.* (די־קאָם־פּאַונד') וואָס בעשטעהט פון א דאָפּעלטער צוזאַמענזעצונג; דאָפּעלט צוזאַמענגעזעצט, דאָפּעלט פערבונדען; מעהרערע מאָל געטיילט [וועגען געוויסע פּלאַנצען־בלעטער וואָס זיינען מעהרערע מאָל געטיילט]; עטוואָס וואָס איז דאָפּעלט צוזאַמענגעזעצט; דאָפּעלט צוזאַמענזעצען אָדער פערבינדען; צוזאַמענזעצען צוזאַמענגעזעצטע עלעמענטען נאָך אַמאָל.

decompoun'dable *a.* (די-קאמ-פאונ'-דעבל) וואס מען קען צוזאמענזעצען נאך אמאל.

decompound' leaf (די-קאמ-פאונד' ליעף) א בלאט וואס איז מעהרערע מאל געטיילט.

decompound'ly *adv.* (די-קאמ-פאונד'-לי) אויף א דאפעלט צוזאמענגעזעצטען אופן.

dec'orate *v.* (דעק'-א-רייט) דעקארירען, אויספוצען, שעהנער מאכען, בעציערען.

dec'orated *a.* (דעק'-א-ריי-טעד) דעקארירט, אויסגעפוצט, בעציערט.

decora'tion *n.* (דעק-א-ריי'-שאן) דאס דעקארירען, א בעפוצונג; א דעקאראציע, א בעציערונג.

Decora'tion day (דעק-א-ריי'-שאן דיי) דער דעקאראציאנס-טאג [דער 30טער מאי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכער איז אנגענומען פאר אן אנדענקונגס-טאג פאר די געפאלענע סאלדאטען אין דעם בירגער-קריעג פון די יאהרען 1861—65. אין דעם טאג ווערען די קברים פון דיעזע געפאלענע קעמפפער דעקארירט מיט בלומען].

dec'orative *a.* (דעק'-א-ריי-טיוו) וואס דעקארירט, בעפוצט, בעציערט, פערשעהנערט.

dec'orative art (דעק'-א-ריי-טיוו ארט) די דעקאראציאנס-קונסט, די קונסט פון דעקארירען אדער אויספוצען צימערען, נעביידען א. ד. ג.

dec'orativeness *n.* (דעק'-א-ריי-טיוו-נעס) דאס זיין דעקארירט, געציערט אדער אויסגעפוצט.

dec'orative notes (דעק'-א-ריי-טיוו נאוטס) קורצע נאטען וואס ווערען צוגעגעבען צו א מעלאדיע זי צו פערציערען.

dec'orator *n.* (דעק'-א-ריי-טאר) א דעקאראטאר, איינער וואס דעקארירט צימערען, געביידעס א. ד. ג.

deco'rous *a.* (די-קאו'-ראס) העפליך; אנשטענדיג, סטאטעטשנע.

He was uniformly decorous and had a high sense of duty.

deco'rously *adv.* (די-קאו'-ראס-לי) אויף אן אנשטענדיגען אופן; מיט העפליכקייט; מיט שטאט; ווי עס דארף צו זיין.

deco'rousness *n.* (די-קאו'-ראס-נעס) אנשטענדיגקייט; שטאט, העפליכקייט.

decor'ticate *v. and a.* (די-קאהר'-טי-קייט) אבשיילען, אברייסען די קארע אדער די שאלעכץ; אראבגעריסען אדער אבגעשיילט דאס אויבערשטע הייטעל אדער שאלעכץ; אהן קארע אדער שאלעכץ.

decortica'tion *n.* (די-קאהר-טי-קיי'-שאן) דאס אבשיילען, דאס אברייסען די קארע, די שאלעכץ אדער דאס הייטעל.

decor'ticator *n.* (די-קאהר'-טי-קיי-טאר) א געצייג אראבצורייסען אדער אבצושיילען קארע אדער שאלעכץ.

deco'rum *n.* (די-קאו'-ראם) העפליכקייט, אנשטענדיגקייט; שטאט; פאסיגקייט.

Decorum must be observed in houses of worship.

decoy' *n. and v.* (די-קאי') אנלאקען, צוציהען; אריינגענארט ווערען, אריינפאלען; א נעץ, א פאסטקע פאר פויגלען אדער חיות; עפעס וואס נארט אריין, ציהט צו אדער לאקט אן.

decoy'-bird *n.* (די-קאי'-בוירד) א לאקפויגעל [א פויגעל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אנצולאקען אדער צוצוציהען פויגעל, אז זיי זאלען אריינפאלען אין נעץ].

decoy'-duck *n.* (די-קאי'-דאק) א לאקענטעל [אן ענטעל (קאטשקע) וואס ווערט אוועקגעשטעלט אנצולאקען אנדערע ענטלעך, אז זיי זאלען אריינפאלען אין נעץ]; א פערזאן וואס נארט אריין אנדערע.

decoy'er *n.* (די-קאי'-ער) א נעץ אדער פאסטקע פאר פויגלען אדער חיות.

decrease' *n. and v.* (די-קריעס') פערקלענערען, פערמינדערען; ווייניגער ווערען; פערקלענערט ווערען; א פערקלענערונג, א פערמינדערונג.

decrea'sing *a.* (די-קריע'-סינג) פערקלענערנדיג, פערמינדערענדיג; זיך פערמינדערענדיג.

decrea'singly *adv.* (די-קריע'-סינג-לי) אויף א פערקלענערענדען אדער פערמינדערענדען אופן; דורך פערמינדערונג אדער פערקלענערונג.

decree' *n. and v.* (די-קריע') א דעקרעט, אן אוקאז, א בעפעהל; א בעשטימונג; א געריכטליכער אורטייל; דעקרעטירען, בעשליסען, בעשטימען; ארויסגעבען א געריכטליכען אורטייל.

decree'able *a.* (די-קריע'-עבל) וואס קען בעשלאסען אדער בעשטימט ווערען.

decre'er *n.* (די-קריע'-ער) איינער וואס גיט ארויס א דעקרעט אדער אוקאז.

decreet' *n.* (די-קריעט') א דעקרעט, אן אוקאז, א בעפעהל; א געריכטליכער אורטייל.

dec'rement *n.* (דעק'-רי-מענט) א שטופענווייזע פערקלענערונג אדער פערמינדערונג; די צאהל, מיט וועלכער עטוואס פערקלענערט זיך שטופענוויין.

decrep'id *a.* (די-קרעפ'-איד) ז. *decrepit*.

decrep'it *a.* (די-קרעפ'-איט) אלט, אבגעלעבט, שוואך פון יאהרען.

decrep'itate *v.* (די-קרעפ'-אי-טייט) קנאקען, טרעסקטשען [ווי זאלץ אויף'ן פייער]; בראטען אין א גרויסער היץ, אז דאס געבראטענע זאל קנאקען אדער טרעסטשען.

decrepita'tion *n.* (די-קרעפ-אי-טיי'-שאן) דאס קנאקען אדער טרעסטשען [ווי זאלץ אויף'ן פייער].

decrep'itly *adv.* (די-קרעפ'-איט-לי) דורך שוואכקייט אדער געבראכענקייט פון עלטער.

decrep'itness *n.* (די-קרעפ'-איט-נעס) ז. *decrepitude*.

decrep'itude *n.* (די-קרעפ'-אי-טיוד) צובראכענקייט, אבגעלעבטקייט, שוואכקייט פון יאהרען.

decrescen'do *n.* (דיי-קרע-שענ'-דא) אין מוזיק — אן אריבערגאנג פון א הויכען טאן צו א זאנפטען.

decres'cent *a.* (די-קרעס'-ענט) קלענער ווערענדיג; זיך פערמינדערענדיג.

decre'tal *n. and a.* (די-קרי'-טעל) וואס ענטהאלט דעקרעטען; וואס איז שייך צו א דעקרעט אדער אוקאז; א בריעף פון דעם פאפסט וואס ענטהאלט א דעקרעט וועגען קירכליכע ענינים; א זאמעל-בוך פון דעקרעטען אדער אוקאזען.

Decre'tals *n.* (די-קרי'-טעלז) דער צווייטער טייל פון די קאנאנישע געזעצען, וועלכער ענטהאלט פערשיעדענע ערקלערונגען און בעשטימונגען פון פאפסטען וועגען קירכען-רעכט. ז. *canon law*.

decre'tist *n.* (די-קרי'-טיסט) א סטודענט פון יוריספרודענץ אין די אמאליגע אלטע אוניווערזיטעטען, איבערהויפט אזעלכער וואס האט שטודירט קירכען-געזעץ.

decre'tive *a.* (די-קרי'-טיוו) וואס האט די מאכט פון א דעקרעט אדער בעפעהל.

dec'retorily *adv.* (דעק'-רי-טא-רי-לי) אויף א בעשטימטען, ענטשיעדענעם אופן.

dec'retory *a.* (דעק'-רי-טא-רי) ענטשיידענד; בעשטימט דורך א דעקרעט אדער אוקאז.

decri'al *n.* (די-קראי'-על) דאס אראברייסען אדער אראבקריטיקירען; דאס מאכען צו גארנישט דורך קריטיק; א פערניכטענדע קריטיק; א שטארקע טאדלונג.

decri'er *n.* (די-קראי'-ער) אן אראברייסער, א קריטיקער וואס מאכט צו גארנישט; א פערניכטענדער קריטיקער; א שטרענגער טאדלער.

decry' *v.* (די-קראי') אראברייסען, אראבקריטיקירען, טאדלען; פערדאמען; מאכען צו גארנישט.

decuba'tion *n.* (די-קיו-ביי'-שאן) דאס ליעגען, דאס ליעגען אויסגעצויגען אדער אויסגעשטרעקט; דאס זיין אנגעלעהנט.

decu'bital *a.* (די-קיו'-בי-טעל) וואס איז שייך צו דער דעקיוביטוס-קראנקהייט [געשווירען אויף די זייטען, וועלכע קומען פון לאנג ליעגען אויף'ן קראנקען-בעט].

decu'bitus *n.* (די-קיו'-בי-טאס) די פאזע פון א קראנקען ווען ער ליעגט אין בעט; דעקיוביטוס-קראנקהייט [געשווירען אויף די זייטען, וועלכע קומען פון לאנג ליעגען אויף'ן קראנקען-בעט].

decum'bence *n.* (די-קאמ'-בענס) דאס ליעגען; דאס ליעגען אויסגעשטרעקט אדער אויסגעצויגען; דאס זיין אנגעלעהנט.

decum'bency *n.* (די-קאמ'-בענ-סי) ז. *decumbence*.

decum'bent *a.* (די-קאמ'-בענט) אויסגעשטרעקט; ליעגענדיג; אנגעלעהנט.

decum'bently *adv.* (די-קאמ'-בענט-לי) ליעגענדיג; אויף אן אנגעלעהנטען אופן.

dec'uple *n., a. and v.* (דעק'-יופל) צעהנפאכיג; א צאהל וואס איז צעהן מאל פערגרעסערט; צעהנפאך פערגרעסערען.

decu'rion *n.* (די-קיו'-רי-אן) א פארצייטיגער רוימישער אפיציער איבער צעהן סאלדאטען; א קאמאנדיר פון צעהן [שר עשרה].

decur'rency *n.* (די-קאר'-ענ-סי) די פערלענגערונג פון א בלאט נאך אונטען, וואו ער וואקסט זיך צוזאמען מיט'ן שטאם פון דער פלאנצע.

decur'rent *a.* (די-קאר'-ענט) וואס לויפט נאך אונטען [וועגען בלעטער וועלכע זיינען פערלענגערט נאך אונטען וואו זיי וואקסען זיך צוזאמען מיט דעם שטאם פון דער פלאנצע].

decur'sion *n.* (די-קויר'-שאן) דאס אראבפליסען פון א שטראם אדער טייך.

decur'sive *a.* (די-קויר'-סיוו) וואס פליסט ארונטער.

decur'sively *adv.* (די-קויר'-סיוו-לי) אויף אן אראבפליסענדען אופן.

decurt' *v.* (די-קוירט') אבשניידען קורץ; פערקירצען, אבקירצען.

decur'tate *a. and v.* (די-קויר'-טייט) קורץ אבגעשניטען; אבגעקירצט, פערקירצט; קורץ אבשניידען; אבקירצען, פערקירצען.

decurta'tion *n.* (די-קויר-טיי'-שאן) דאס פערקירצען אדער אבקירצען; פערקירצונג, אבקירצונג.

decurva'tion *n.* (די-קויר-וויי'-שאן)

דאס זיין געבויגען אדער געקרימט נאך אונטען אדער אראב=צו.

decur'vature *n.* (די-קויר'-ווע-טשור) ז. *decurvation*

decurve' *v.* (די-קוירוו') אויסקרימען נאך אונטען, איינבויגען אראב=צו.

decurved' *a.* (די-קוירווד') געבויגען אדער געקרימט נאך אונטען.

dec'ury *n.* (דעק'-יו-רי) א מיליטערישע אבטיילונג פון צעהן סאלדאטען אין אלטען רוים.

decus'sate *v. and a.* (די-קאס'-אייט) דורכקרייצען; קרייצפערמיג דורכשניידען; דורכשניידען; דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; וואס האט די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע [יעדע צוויי פאר בלעטער קרייצען זיך איבער].

decus'sated *a.* (די-קאס'-איי-טעד) דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; האבענדיג די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע. ז. *decussate*

decus'sately *adv.* (די-קאס'-אייט-לי) אויף א דורכגעקרייצטען אדער דורכגעשניטענעם אופן.

decussa'tion *n.* (די-קא-סיי'-שאן) דאס דורכשניידען, דאס דורכקרייצען.

decus'sative *a.* (די-קאס'-איי-טיוו) דורכשניידענדיג, דורכקרייצענדיג.

decus'satively *adv.* (די-קאס'-איי-טיוו-לי) אויף א קרייצפערמיגען אופן; אויף דעם אופן פון א X.

de'dal *a.* (די'-דעל) קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג; כיטרע.

deda'lian *a.* (די-דיי'-לי-ען) ז. *dedal*

ded'alous *a.* (דעד'-ע-לאס) ווי א לאבארינט; פערוווירט, פערפלאנטערט, פערוויקעלט; קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג.

ded'icant *n.* (דעד'-אי-קענט) איינער וואס ווייהעט איין [א מענשען, א טעמפעל א. ד. ג.]; איינער וואס ווידמעט [עטוואס צו אימעצען].

ded'icate *v.* (דעד'-אי-קייט) 1. איינווייהען [ווי מאכען א חנוכת הבית]; 2. ווידמען [א שריפט, א ווערק א. ד. ג. צו אימעצען]; 3. פרייוויליג אבטרעטען פריוואט=אייגענטום צו קהל.

2. The author **dedicated** his work to his wife. 3. He **dedicated** his fortune to the public.

dedica'tion *n.* (דעד-אי-קיי'-שאן) איינווייהונג [ווי חנוכת הבית]; ווידמונג; א פרייוויליגע אבטרעטונג פון פריוואט אייגענטום פאר די נוצען פון קהל.

ded'icator *n.* (דעד'-אי-קיי-טאר) איינער וואס ווידמעט עפעס צו אימעצען.

dedicato'rial *a.* (דעד-אי-קיי-טאו'-רי-על) ז. *dedicatory*

ded'icatory *a.* (דעד'-אי-קיי-טא-רי) וואס האט דעם כאראקטער פון א ווידמונג.

ded'imus *n.* (דעד'-אי-מאס) אן ערלויבניש, וואס מען גיט א פריוואט=פערזאן צו ערפילען פונקציעס, וואס א ריכטער האט, ווי אויספרעגען עדות א. ד. ג.

dédit' *n.* (דיי-די') שטראף=געלד וואס ווערט ארויפגעלעגט אין פראנקרייך אדער אין קאנאדא אויף איינעם וואס האט געבראכען א קאנטראקט.

dedola'tion *n.* (דעד-א-ליי'-שאן) דאס אראבשניידען פלייש פון קערפער; א וואונד, בעזאנדערס א קאפ=וואונד, וואס קומט פון אראבשניידען א שטיק פלייש.

de do'mo reparan'do (די. דאו'-מאו רעפ-ע-רענ'-דאו) א שריפט וואס ווערט אימעצען ארויסגעגעבען פון געריכט געגען זיין שכן, וועמענס הויז איז אין געפאהר איינצופאלען, אז ער זאל מאכען די נויטיגע רעפאראטורען און אבשאפען די געפאהר.

deduca'tion *n.* (דעד-יו-קיי'-שאן) א פערפיהרעניש; א ווענדונג אין א פאלשער ריכטונג.

deduce' *v.* (די-דיוס') דעדוצירען, ארויסדרינגען עפעס פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט; ציהען א שלוס.

deduce'ment *n.* (די-דיוס'-מענט) א דעדוקציאן, א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס; אן ארויסגעדרונגענע בעהויפטונג.

deducibil'ity *n.* (די-דיו-סי-ביל'-אי-טי) דאס קענען דעדוצירט אדער לאגיש ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער בעקאנטער טהאטזאך.

dedu'cible *a.* (די-דיו'-סיבל) וואס קען דעדוצירט אדער ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט.

dedu'cibleness *n.* (די-דיו'-סיבל-נעס) ז. *deducibility*

dedu'cive *a.* (די-דיו'-סיוו) דעדוצירענד, ארויסדרינגענד.

deduct' *v.* (די-דאקט') אבציהען, אראברעכענען.

Deduct the freight charges from the amount of profits.

deduc'tible *a.* (די-דאק'-טיבל) וואס קען אבגערעכענט אדער אבגעצויגען ווערען.

deduc'tio ad impos'sibile (די-דאק'-שי-או עד אים-פאס'-אי-בי-לע) דאס ארויסשטעלען די פאלשקייט פון א היפאטעזע אדער בעהויפטונג דורך דאס בעווייזען, אז די געמאכטע היפאטעזע אדער בעהויפטונג פיהרט צו אזא שלוס, וועלכער איז בעקאנט פאר ניט ריכטיג.

deduc'tion *n.* (די-דאק'-שאן) א דעדוקציאן, דאס ארויסדריגען א שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; דאס אבציהען, דאס אראברעכענען.

deduc'tion of a claim (די-דאק'-שאן אוו ע קליים) דאס בעווייזען די ריכטיגקייט אדער דאס רעכט פון א פאדערונג אין געריכט דורך א לאגישער ארויסדרינגונג פון די פרינציפען פון געזעץ אדער יושר.

deduc'tive *a.* (די-דאק'-טיוו) דעדוקטיוו, ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק; געבויט אויף א שלוס, וועלכער איז ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק.

deduc'tively *adv.* (די-דאק'-טיוו-לי) דורך דעדוקציאן, דורך ארויסדרינגען פון אן אלגעמיינעם פרינציפ.

deed *n. and v.* (דיעד) א טהאט, א האנדלונג; א דאקומענט; א געשריבענער קאנטראקט; א פערקויפס=קאנטראקט פון הייזער אדער לאנד; איבערטראגען הייזער אדער לאנד צו אימעצען דורך א קאנטראקט.

deed'-box *n.* (דיעד'-באקס) א קעסטעל אין וועלכען מען האלט דאקומענטען.

deed'ful *a.* (דיעד'-פול) טהעטיג, פול. מיט טהעטיגקייט, פול מיט גרויסע טהאטען.

deed'less *a.* (דיעד'-לעס) אונטהעטיג; וואס האט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט גרויסע טהאטען.

deed of bar'gain and sale (דיעד אוו באר'-גיין ענד סייל) א שטר=מכירה אדער קויף=קאנטראקט אויף הייזער אדער לאנד.

deed of part'nership (דיעד אוו פארט'-נער-שיפ) אן אבמאך פון שותפות.

deed of trust (דיעד אוו טראסט) א פאלמאכט; א בעפאלמעכטיגונג פון אן אפעקון.

deeds of arms (דיעדז אוו ארמז) העלדישע טהאטען אויף'ן שלאכטפעלד.

deed to (דיעד טו) איבערשרייבען אויף אימעצענס נאמען, איבערלאזען בירושה.

He **deeded** his entire cstate to his eldest son.

dee'dy *n.* (דיע'-די) א היהנדעל.

deem *v.* (דיעם) דענקען, רעכענען, טראכטען, מיינען; אורטיילען.

I **deemed** it prudent to be silent.

deem'ster *n.* (דיעמ'-סטער) א ריכטער, א שופט; אן אויסגעקליבענער ריכטער אויף די אינזלען דזשוירסי און מען.

deep *n., a. and adv.* (דיעפ) 1. טיעף, טונקעל [וועגען פארבען], שטארק; אונפערשטענדליך, שווער צו בעגרייפען; 2. הארציג, ערנסט; 3. גרינדליך; כיטרע, פאלש, פעררעטעריש, פערבארגען, געהיים; 4. עטוואס זעהר טיעפעס; טיעפקייט; דער מיטעלפונקט, דער שטארקסטער פונקט; 5. דער ים, דער אקעאן; דער אבגרונד; 6. א טיעף געהיימניס, א סוד.

1. O Lord, thy thoughts are very **deep**. 2. Her **deep** prayers rose to heaven. 3. He is a **deep** schemer.

deep'-brained *a.* (דיעפ'-בריינד) טיעפזיניג. גייסטרייך.

deep'-browed *a.* (דיעפ'-בראוד) וואס האט א טיעפען שכל.

deep'-draw'ing *a.* (דיעפ'-דראה'-אינג) וואס שטעהט טיעף אין וואסער [וועגען א שיף].

dee'pen *v.* (דיעפן) פערטיעפען, פערשטארקען, פערגרעסערען; מאכען געדיכטער; מאכען טונקעלער [א פארב]; מאכען נידריגער דעם טאן; ווערען טיעפער; ווערען טונקעלער.

deep'-felt *a.* (דיעפ'-פעלט) טיעף דורכגעפיהלט.

His **deep-felt** words reached every one's heart.

deep fem'oral ar'tery (דיעפ פעמ'-א-רעל אר'-טע-רי) די הויפט ארטעריע אין דעם הינטערשטען טייל פון פאלקע. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

deep ga'ming (דיעפ גיי'-מינג) אן אזארטנער [ליידענשאפטליכער] שפיעל.

deep'-green *a.* (דיעפ'-גריען) טונקעל=גרין.

deep in (דיעפ אין) זיך פערטיעפען, זיך אריינטהאן.

The society is **deep in** the mysteries of occult science.

deep in the mire (דיעפ אין טהי מאיר) טיעף אין דער בלאטע; אין א גרויסער פערלעגענהייט.

deep'ly *adv.* (דיעפ'-לי) טיעף, שטארק, ליידענשאפטליך, גרינדליך; מיט א נידריגען טאן.

deep'ly indebt'ed (דיעפ'-לי אינ-דעט'-עד) שטארק פערפליכטעט; דאנקשולדיג.

I feel **deeply indebted** to you for your many kindnesses.

deep'ly in debts (דיעפ'-לי אין דעטס) איבער'ן קאפ אין חובות.

deep'ly roo'ted (דיעפ'-לי רוה'-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

Hero worship is **deeply rooted** in human nature.

deep'ly versed in (דיעפ'-לי ווירסט איז) שטארק בעלעזען, גוט בעקאנט מיט אן ענין.
He is **deeply versed in** literature.

deep'-mouthed *a.* (דיעפ'-מאוטהט) מיט א טיעפער, שטארקער שטימע; טיעף און שטארק ווי דאס בילען פון א הונד.

deep'ness *n.* (דיעפ'-נעס) טיעפקייט, טיעפענים.

deep'-piled *a.* (דיעפ'-פאילד) טיעף־האריג ווי פלוש אדער סאמעט.

deep'-roo'ted *a.* (דיעפ'-רוה'-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

deep'-sea *a.* (דיעפ'-סיע) וואס איז שייך צו די טיעפערע ערטער פון ים.

deep'-sea lead'-line (דיעפ'-סיע לעד'-לאין) א לאנגער שטריק צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א שווערע שטיק בליי, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפענים פון ים.

deep'-sea soun'ding-machine' (דיעפ'-סיע סאונ'-דינג-מע-שין') א מאשין צו מעסטען די טיעפענים פון ים.

deep'-sea'ted *a.* (דיעפ'-סיע'-טעד) 1. טיעף־זיצענדיג, איינגעפאלען; 2. טיעף־איינגעווארצעלט.
1. A strange fire burned in her **deep-seated** eyes. 2. **Deep-seated** prejudices are not easily rooted out.

deep sense (דיעפ סענס) א טיעפע בעדייטונג.

deep'-set *a.* (דיעפ'-סעט) טיעף אריינגעזעצט, טיעף זיצענד.
He has **deep-set** eyes.

deep'-set'ting *n.* (דיעפ'-סעט'-אינג) א מעטאדע אין מילך־ווירטשאפטען ארבצונעהמען סמעטענע אדער שמאנט פון מילך דורך דעם וואס די מילך ווערט געגאסען אין טיעפע קאנען וועלכע ווערען אבגעקיהלט אויף אייז אדער אין קאלטען וואסער.

deep'-toned *a.* (דיעפ'-טאונד) פון א נידריגען, טיעפען טאן.

deer *n.* (דיער) א הירש.

Deer

deer'-field *n.* (דיער'-פיעלד) ז. ***deer-fold***

deer'-fold *n.* (דיער'-פאולד) א פארק וואו מען האלט הירשען; א טהיער־גארטען.

deer'-hair *n.* (דיער'-העהר) אזא זומפ־פלאנצע וואס וואקסט אין בינטלעך.

deer'-herd *n.* (דיער'-הוירד) איינער וואס האלט אדער האדעוועט הירשען.

deer'-hound *n.* (דיער'-האונד) א יאגד־הונד וועלכער ווערט בענוצט אין יאגד אויף הירשען.

deer'let *n.* (דיער'-לעט) א קליינער הירש.

deer'-mouse *n.* (דיער'-מאוס) די צמעריקאנער שפרינג־מויז.

deer'-neck *n.* (דיער'-נעק) א דינער מאגערער האלז [ווי פון א הירש].

deer'-park *n.* (דיער'-פארק) ז. ***deer-fold***

deer's'-hair *n.* (דיערז'-העהר) ז. ***deer-hair***

deer'-shot *n.* (דיער'-שאט) גרויסע שראט [מיט וועלכע מען שיסט הירשען].

deer'skin *n.* (דיער'-סקין) א הירשען־פעל; הירשען־לעדער.

deer'-stal'ker *n.* (דיער'-סטאה'-קער) א הירשען־יעגער וואס גנב'עט זיך שטילערהייט אונטער און נעהמט דעם הירש געפאנגען.

deer'-stal'king *n.* (דיער'-סטאה'-קינג) שטילע הירש־יאגד. ז. ***deer-stalker***

deer'-stea'ling *n.* (דיער'-סטיע'-לינג) פערבאטענע הירשען־יאגד אויף פרעמדען לאנד.

deer's'-tongue *n.* (דיערז'-טאנג) אזא אמעריקאנער פלאנצע מיט דיקע פליישיגע בלעטער וועלכע האבען זעהר אן אנגענעהמען ריח ווען זיי ווערען געטריקענט.

deer'-ti'ger *n.* (דיער'-טאי'-גער) ז. ***cougar***

dee'sis *n.* (דע-אי'-סיס) דאס אנרופען גאט.

deev *n.* (דיעוו) א בייזער גייסט; א שליח פון אכרימאז, דעם גאט פון פינסטערניס און שלעכטס [אין דער פערזישער מיטאלאגיע].

deface' *v.* (די-פייס') 1. צוקאליעטשען, פערדארבען; 2. אבמעקען; אויסשטרייכען, אויסקראצען.
1. Children are in the habit of **defacing** their school desks.

deface'ment *n.* (די-פייס'-מענט) דאס צוקאליעטשען, דאס פערדארבען; דאס אבמעקען, דאס אויסקראצען.

defa'cer *n.* (די-פיי'-סער) א פערדארבער, א פערטיליגער; איינער וואס צוקאליעטשעט.

defa'cingly *adv.* (די-פיי'-סינג-לי) פערדארבענדיג, צוקאליעטשענדיג.

de fac'to (דע פעק'-טאו) פאקטיש, אין דער ווירקליכקייט, אין אמת'ן.
The election being still contested, Mr. X is the **de facto** governor.

def'æcate *v.* (דעפ'-אי-קייט) ז. ***defecate***

defæca'tion *n.* (דעפ-אי-קיי'-שאן) ז. ***defecation***

defal'cate *v.* (די-פעל'-קייט) זיין שולדיג אין פערכאפען אנפערטרויטעס געלד; פערלייקענען אדער פערכאפען פרעמדעס אנפערטרויטעס געלד; אראברעכענען, אראבנעהמען.

defalca'tion *n.* (די-פעל-קיי'-שאן) דאס פערלייקענען אדער פערכאפען אנפערטרויטעס געלד.
A **defalcation** was found in the treasurer's accounts.

def'alcator *n.* (דעפ'-על-קיי-טאר) איינער וואס פערשווינדעלט אנפערטרויטעס געלד.

defalk' *v.* (די-פאהלק') אראבשניידען, אראבנעהמען.

defama'tion *n.* (דעפ-ע-מיי'-שאן) א דעפעמאציע, א פערלוימדונג; רכילות.

defam'atory *a.* (די-פעמ'-ע-טא-רי) פערלוימדעריש.

defam'atory li'bel (די-פעמ'-ע-טא-רי לאי'-בעל) א פאסקוויל, א פערלוימדעריש, בעליידיגענדע שריפט.

defame' *v.* (די-פיים') פערלוימדען; אנריידען אויף אימעצען רכילות.

defamed' *a.* (די-פיימד') פערלוימדעט.

defa'mer *n.* (די-פיי'-מער) א פערלוימדער; א רכילות'ניק; א פאסקווילען־שרייבער.

defa'ming *n.* (די-פיי'-מינג) דאס בעריידען; פערלוימדונג.

defa'mingly *adv.* (די-פיי'-מינג-לי) אויף א פערלוימדעריש אופן.

default' *n. and v.* (די-פאהלט') א פערזעהען; א פערנאכלעסיגונג; א מאנגעל; א פעהלער; פערזעהען אדער פערנאכלעסיגען; פערפעהלען; פערנאכלעסיגען צו ערפילען פערפפליכטונגען [ווי בעצאהלען א חוב, קומען אין געריכט ווען מען ווערט גערופען א. ד. ג.].
Because he failed to answer the summons the case was decided against the defendant by **default**.

defaul'ter *n.* (די-פאהל'-טער) איינער וואס ערפילט ניט זיינע פערפפליכטונגען [בעצאהלט ניט זיין חוב, קומט ניט אין געריכט, ווען ער ווערט גערופען א. ד. ג.].

defea'sance *n.* (די-פיע'-זענס) דאס אונגילטיג מאכען, דאס מבטל זיין; דאס צונישט מאכען [ווי א קאנטראקט, א דאקומענט א. ד. ג.].

defea'sible *a.* (די-פיע'-זיבל) וואס קען צונישט געמאכט ווערען, וואס קען אונגילטיג געמאכט ווערען.

defea'sibleness *n.* (די-פיע'-זיבל-נעס) דאס קענען אבגעשאפט ווערען, דאס קענען געמאכט ווערען אונגילטיג.

defea'sible ti'tle (די-פיע'-זיבל טאיטל) א רעכט וואס קען געמאכט ווערען אונגילטיג.

defeat' *n. and v.* (די-פיעט') מנצח זיין; א תל מאכען [פון אן ארמעע]; צונישט מאכען, מבטל זיין; צושטערען [האפנונגען, פלענער א. ד. ג.]; א מפלה, א נידערלאגע; די צושטערונג [פון האפנונגען, פלענער א. ד. ג.].

defea'ture *n.* (די-פיע'-טשור) דאס מאכען אונגילטיג, דאס פערניכטען, דאס מבטל זיין, דאס צושטערען.

def'ecate *v. and a.* (דעפ'-אי-קייט) לייטערען, קלאר מאכען; זיך לייטערען, ריין ווערען; געלייטערט; ריין.

defeca'tion *n.* (דעפ-אי-קיי'-שאן) ריינינגונג, לייטערונג; דאס אבריינינגען דעם מאגען; דאס געהן אויף נקיות.

def'ecator *n.* (דעפ'-אי-קיי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ריינינגט.

defect' *n.* (די-פעקט') א דעפעקט, א פעהלער, א מום; מאנגעל.
Upon examination the plan was found full of **defects**.

defectibil'ity *n.* (די-פעק-טי-ביל'-אי-טי) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec'tible *a.* (די-פעק'-טיבל) אונפאלקאמען, אונפאלשטענדיג; פעהלערהאפט; מאנגעלהאפט.

defec'tibleness *n.* (די-פעק'-טיבל-נעס) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec'tion *n.* (די-פעק'-שאן) א פעהלער, א פערזעהען, א פערנאכלעסיגונג; אבטריניגקייט [פון גלויבען, פפליכטען א. ד. ג.]; דאס אונטריי ווערען.

defec'tive *n. and a.* (די-פעק'-טיוו) מאנגעלהאפט, פעהלערהאפט, ניט פאלקאם; א קאליקע, א פערקריפעלטער [פיזיש אדער גייסטיג].
He is **defective** in speech.

defec'tively *adv.* (די-פעק'-טיוו-לי) אויף אן אונפאלקאמענעם אופן; אויף א פעהלערהאפטען אדער מאנגעלהאפטען אופן.

defec'tiveness *n.* (די-פעק'-טיוו-נעס) מאנגעלהאפטיגקייט; פעהלערהאפטיגקייט; אונפאלקאמענהייט.

defect'less *a.* (די-פעקט'-לעס) אהן א דעפעקט, אהן א פעהלער, אהן א מום.

defence' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען, א פערטיידיגונג; א ווידערשטאנד; א פערטיידיגונגס-רעדע; א פערטיידיגונגס-שריפט; א פערטיידיגונגס-מיטעל, א שוץ-וואפע; די פערטיידיגונגס-קונסט.

defence'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוצלאז; וועהרלאז, אונבעוואפענט; שוואך.

defence'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defence'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defend' *v.* (די-פענד') פערטיידיגען, בעשיצען; זיך שטעלען ענטגעגען.

defen'dable *a.* (די-פענ'-דעבל) וואס קען פערטיידיגט אדער געשיצט ווערען.

defend' against' (די-פענד' ע-גענסט') בעשיצען פון...

defen'dant *n. and a.* (די-פענ'-דענט) דער אנגעקלאגטער צד; אן אנגעקלאגטער; וואס דארף זיך פערטיידיגען.

defendee' *n.* (די-פענ-דיע') איינער וואס ווערט פערטיידיגט.

defen'der *n.* (די-פענ'-דער) א שיצער, א פערטיידיגער; אן אדוואקאט.

defend' from (די-פענד' פראם) בעשיצען פון...

defen'dress *n.* (די-פענ'-דרעס) א פערטיידיגערין, א בעשיצערין.

defen'sative *n.* (די-פענ'-סע-טיוו) עטוואס וואס שיצט; א שוץ, א פערטיידיגונג.

defense' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען; א פערטיידיגונג; א ווידערשטאנד; א פערטיידיגונגס-רעדע; א פערטיידיגונגס-שריפט; א פערטיידיגונגס-מיטעל; א שוץ-וואפע; די פערטיידיגונגס-קונסט.

defense'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוצלאז, וועהרלאז, אונבעוואפענט; שוואך.

defense'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defense'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defensibil'ity *n.* (די-פענ-סי-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו קענען פערטיידיגט ווערען.

defen'sible *a.* (די-פענ'-סיבל) ז. *defendable*.

defen'sibleness *n.* (די-פענ'-סיבל-נעס) ז. *defensibility*.

defen'sive *n. and a.* (די-פענ'-סיוו) וואס נוצט אלס פערטיידיגונג אדער שוץ; פערטיידיגענד; א פערטיידיגונג, א שוץ.

defen'sively *adv.* (די-פענ'-סיוו-לי) אויף א פערטיידיגענדען אדער שיצענדען אופן.

defen'sor *n.* (די-פענ'-סאר) א פערטיידיגער, א שיצער; אן אדוואקאט; אן אנגעקלאגטער.

defen'sory *a.* (די-פענ'-סא-רי) וואס פערטיידיגט, וואס שיצט.

defer' *v.* (די-פויר') 1. אבלעגען; פערציהען; 2. זיך אונטערווארפען אימעצענס מיינונג; נאכגעבען; איבערלאזען אן אנדערען צו אורטיילען; פערלאזען זיך אויף יענעמס מיינונג.
1. He defers his departure. 2. I defer to your wishes.

def'erence *n.* (דעפ'-ער-ענס) דאס נאכגעבען; דאס אונטערווארפען זיך אונטער אימעצענס מיינונג; די אונטערווארפונג, אונטערווארפענהייט; אכטונג.

def'erence to (דעפ'-ע-רענס טו) אכטונג צו אימעצען.
It was in **deference to** your grandfather that I raised no objections to your plan.

def'erent *n. and a.* (דעפ'-ע-רענט) פיהרענדיג, איבערטראגענדיג; עפעס וואס פיהרט אדער לייטעט; א פליסיגקייטס-קאנאל אין מענשליכען קערפער [ווי בלוט-געפעס א. ד. ג.].

deferen'tial *a.* (דעפ-ע-רענ'-שעל) 1. וואס דריקט אוים רעספעקט אדער אונטערווארפענהייט צו אימעצען; 2. וואס פיהרט, וואס לייטעט [וועגען די פליסיגקייטס-קאנאלען אין מענשליכען קערפער].
1. His manner is ever **deferential**.

deferen'tially *adv.* (דעפ-ע-רענ'-שעל-אי) אויסדריקענדיג רעספעקט אדער אונטערווארפענהייט; מיט רעספעקט, מיט אונטערווארפענהייט.

defer'ment *n.* (די-פויר'-מענט) דאס אבלעגען [אויף שפעטער].

deferred' annu'ity (די-פוירד' ע-ניו'-אי-טי) רענטע, וואס מען הויבט אן אויסצוצאהלען יעהרליך ערשט פון א בעשטימטער צייט אן.

deferred' bonds (די-פוירד' באנדז) ווערטה-פאפיערען אדער אקציעס וואס די פראצענטען אויף זיי פאנגען זיך אן צו הויבען ערשט פון א געוויסען טערמין.

deferred' en'try (די-פוירד' ענ'-טרי) אן אפענער פאסטען, וואס איז נאך ניט פערשריבען אין קאנטא-בוך [אין בוך-פיהרונג].

deferred' pay (די-פוירד' פיי) א געהאלט פון צוויי פענים א טאג וואס ווערט געצאהלט אין ענגלאנד צו סאלדאטען פון דער ארמעע ווען זיי טרעטען ארויס פון דיענסט.

deferred' shares (די-פוירד' שעהרז) אקציעס פון א קאמפאניע וואס בערעכטיגען זייערע קויפער צו דיווידענד נאר נאך א געוויסען טערמין.

deferred' stock (די-פוירד' סטאק) ז. *deferred shares*.

defer'rer *n.* (די-פויר'-ער) איינער וואס לעגט אב [אויף שפעטער], א פערציהער; איינער וואס גיט זיך אונטער.

defeu'dalize *v.* (די-פיו'-דעל-איז) אוועקנעהמען די פעאדאלע פארם. ז. *feudalism*.

defi'ance *n.* (די-פאי'-ענס) אן ארויספאדערונג צום קאמפף; ענטגעגנונג; דאס שטעלען זיך ענטקעגען; א ווידערשטאנד; פעראכטונג צו געפאהר אדער צו ווידערשטאנד.

defi'ant *a.* (די-פאי'-ענט) ארויספאדערענדיג צום קאמפף; שטעלענדיג זיך ענטגעגען; ארויסצייגענדיג א ווידערשטאנד.

defi'antly *adv.* (די-פאי'-ענט-לי) מיט אן ארויספאדערונג; דורך שטעלען זיך ענטגעגען; ארויסצייגענדיג א ווידערשטאנד.

defi'antness *n.* (די-פאי'-ענט-נעס) דאס ארויספאדערען צום קאמפף; דאס שטעלען זיך ענטגעגען; דאס ארויסצייגען א ווידערשטאנד.

defi'ciency *n.* (די-פיש'-ען-סי) מאנגעל; מאנגעלהאפטיגקייט; פעהלערהאפטיגקייט; אונפאלשטענדיגקייט, אונפאלקאמענהייט.

defi'ciency in weight (די-פיש'-ען-סי אין הווייט) דאס ניט האבען די פולע וואג.

defi'cient *a.* (די-פיש'-ענט) פעהלערהאפט; מאנגעלהאפט; אונפאלקאמען, אונפאלשטענדיג.

defi'ciently *adv.* (די-פיש'-ענט-לי) אויף א פעהלערהאפטען אדער מאנגעלהאפטען אופן; אויף אן אונפאלשטענדיגען אדער אונפאלקאמענעם אופן.

def'icit *n.* (דעפ'-אי-סיט) א דעפיציט [די סומע מיט וועלכע די הוצאה איז גרעסער ווי די הכנסה].

de fi'de (די פאי'-די) וואס בעלאנגט צו דער אמונה; אונבעדינגט.

defi'er *n.* (די-פאי'-ער) איינער וואס פאדערט ארויס צום קאמפף; איינער וואס שטעלט זיך ענטגעגען.

defile' *n. and v.* (די-פאיל') בעשמוצען, פעראונרייניגען, בעפלעקען; מטמא זיין; שענדען; פערפיהרען; מארשירען אין שמאלע לאנגע רייהען; א שמאלער דורכגאנג צווישען בערג, א דורכגאנג, וואס מען קען דורכגעהן נור אין שמאלע רייהען; א מארש אין שמאלע רייהען.

defile'ment *n.* (די-פאיל'-מענט) בעשמוצונג, פעראונרייניגונג, בעפלעקונג; ענטעהרונג, שענדונג, פערפיהרונג; דאס מטמא זיין.

defi'ler *n.* (די-פאי'-לער) איינער אדער עפעס וואס בעשמוצט אדער בעפלעקט; א פערפיהרער, א שענדער; איינער וואס איז מטמא.

defi'nable *a.* (די-פאי'-נעבל) דעפינירבאר, וואס קען ערקלערט ווערען, וואס קען בעשטימט ווערען.

defi'nably *adv.* (די-פאי'-נע-בלי) אויף א דעפינירבארען אדער ערקלערבארען אופן.

define' *v.* (די-פאין') דעפינירען, ערקלערען; בעשטימען, פעסטשטעלען.

defined' *a.* (די-פאינד') דעפינירט, בעשטימט.

defi'ner *n.* (די-פאי'-נער) איינער אדער עפעס וואס דעפינירט, ערקלערט אדער בעשטימט; א לעהר-ביכעל וואס ענטהאלט דעפיניציאנען.

def'inite *a.* (דעפ'-אי-ניט) דעפיניטיוו, בעשטימט, פעסטגעזעצט; בעגרענעצט.
I shall await your **definite** answer.

def'inite ar'ticle (דעפ'-אי-ניט אר'-טיקל) דער בעשטימטער ארטיקעל אין גראמאטיק [ווי די ווערטער: דער, די, דאס].

def'initely *adv.* (דעפ'-אי-ניט-לי) אויף א דעפיניטיווען אדער בעשטימטען אופן.

def'initeness *n.* (דעפ'-אי-ניט-נעס) דאס זיין דעפינירט אדער בעשטימט; דאס זיין גענוי ערקלערט.

def'inite num'ber (דעפ'-אי-ניט נאמ'-בער) א בעקאנטע צאהל [א צאהל נעבען וועלכער עס שטעהט דער נאמען פון די זאכען וועלכע ווערען געצעהלט, ווי 3 עפעל, 5 טישען א. ד. ג.].
"Three apples" is a **definite number**.

defini'tion *n.* (דעפ-אי-ניש'-אן) א דעפיניציאן, א גענוי בעשטימטע ערקלערונג [פון א ווארט אדער אויסדרוק].

defini'tional *a.* (דעפ-אי-ניש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א דעפיניציאן.

defin'itive *a.* (די-פינ'-אי-טיוו) דעפיניטיוו, בעשטימט, אויסדריקליך, ענטשיעדען, פאזיטיוו; א ווארט וואס בעשטימט אדער בעגרענעצט [ווי די ווערטער: דער, די דאס].

defin'itively *adv.* (די-פינ'-אי-טיוו-לי) מיט בעשטימטהייט; אויסדריקליך; פאזיטיוו; גענוי.

defin'itiveness *n.* (די-פינ'-אי-טיוו-

נעס) בעשטימטהייט; אויסדריקליכקייט; ענטשיעדענהייט.

defin'itude *n.* (די-פינ׳-אי-טיוד) בע־שטימטהייט, אויסדריקליכקייט.

defini'tum *n.* (דעפ-אי-נאי׳-טאם) א בעשטימטע זאך.

deflagrabil'ity *n.* (דעפ-לע-גרע-ביל׳-אי-טי) אין כעמיע — פערברענליכקייט; די אייגענשאפט צוצוציהען פייער און פער־ברענט ווערען.

defla'grable *a.* (די-פליי׳-גרעבל) פער־ברענליך; וואס ציהט צו פייער.

def'lagrate *v.* (דעפ׳-לע-גרייט) פער־ברענען; פערצעהרען; אויפפלאמען.

deflagra'tion *n.* (דעפ-לע-גריי׳-שאן) אבברענונג, פערברענונג; אויפפלאמונג.

def'lagrator *n.* (דעפ׳-לע-גריי-טאר) אן אפאראט צו פערברענען מעטאלען.

deflect' *v.* (די-פלעקט׳) אבבויגען, אב־קעהרען אן א זייט; אבווענדען; זיך אב־בויגען.

The shade **deflects** the light.

deflec'ted *a.* (די-פלעק׳-טעד) אבגעבוי־גען, אבגעקעהרט אן א זייט.

Circumstances **deflected** him from his original purpose.

deflec'tion *n.* (די-פלעק׳-שאן) דאס אבבויגען, דאס אבקעהרען אן א זייט; די אבקעהרונג פון דרך־הישר.

deflec'tive *a.* (די-פלעק׳-טיוו) וואס פעראורזאכט אן אבווייכונג אדער אבקעה־רונג פון וועג.

deflex' *v.* (די-פלעקס׳) אבקעהרען אן א זייט; אבווייכען; אויסבויגען ארונטער־צו.

deflexed' *a.* (די-פלעקסט׳) געבויגען, ארונטערגעבויגען.

deflex'ion *n.* (די-פלעק׳-שאן) ז. *deflection*.

deflex'ure *n.* (די-פלעק׳-שור) אבווייכונג, אבקעהרונג, אבבויגונג.

deflo'rate *a.* (די-פלאו׳-רייט) אבגע־בליהט, בערויבט פון די בליטהען; אהן בליטהען [וועגען פלאנצען].

deflora'tion *n.* (דעפ-לא-ריי׳-שאן) דאס בלייבען אהן בליטהען; דאס פערלירען די בלומען; די אבקלייבונג פון עפעס, דאס סאמע בעסטע, דער ערשטער זארט; דאס שענדען [א יונגע פרויענצימער].

dispose' of (דיס-פאוז' אוו) ווערען פריי פון עטוואס, פטור ווערען; בעזארגען; געברויכען, פערווענדען; האבען די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס.

dispose' of a daugh'ter (דיס-פאוז' אוו ע דאה'-טער) אויסגעבען א טאכטער.

dispose' of a house (דיס-פאוז' אוו ע האוס) פטור ווערען פון א הויז; פערדינגען אדער פערקויפען א הויז.

dispo'ser *n.* (דיס-פאו'-זער) איינער וואס האט די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס; איינער וואס ריכטעט, ארדענט איין, פערוואלטעט, בעשטימט, טיילט אויס אדער בעשענקט.

dispo'sing *n. and a.* (דיס-פאו'-זינג) בעשטימונג, בעפעהל, איינארדנונג; בעשטימענדיג, איינארדנענדיג, האבענדיג די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס, פערוואלטענדיג, געברויכענדיג, פערווענדענדיג.

dispo'singly *adv.* (דיס-פאו'-זינג-לי) בעשטימענדיג; איינארדנענדיג, האבענדיג די מאכט אדער די דעה; פערוואלטענדיג, געברויכענדיג, פערווענדענדיג.

disposi'tion *n.* (דיס-פא-זיש'-אן) איינארדנונג; איינריכטונג; געברויך; פערווענדונג; אנווענדונג; בעפעהל; בעשטימונג; פערוואלטונג; קאנטראלירונג; כאראקטער; אנלאגע; נייגונג; שטימונג; אויפגעלעגטקייט; געמיטס־צושטאנד; געזונדהייטס־צושטאנד; אויסשטאטונג; טאשען־געלד, געלד אויף הוצאה.

disposi'tional *a.* (דיס-פא-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו איינארדנונג, איינריכטונג, געברויך, פערווענדונג אדער פערוואלטונג; וואס איז שייך צו נייגונג, כאראקטער, שטימונג, געמיטס־צושטאנד אדער געזונדהייטס־צושטאנד.

dispossess' *v.* (דיס-פא-זעס') בערויבען פון בעזיץ פון עפעס; ארויסטרייבען פון לאנד, צונעהמען לאנד־בעזיץ; פערטרייבען פון א וואהנונגס־ארט; ארויסווארפען פון א וואהנונגס־ארט; בעפרייען פון א דבוק.

dispossessed' *a.* (דיס-פא-זעסט') בערויבט פון בעזיץ פון עפעס [הויפטזעכליך פון לאנד־בעזיץ]; פערטריבען פון א וואהנונגס־ארט; ארויסגעווארפען פון א וואהנונג; בעפרייט פון א דבוק.

disposses'sion *n.* (דיס-פא-זעש'-אן) די בערויבונג פון דעם בעזיץ פון עפעס; די ארויסזעצונג פון א וואהנונג; דאס ארויסטרייבען פון א דבוק.

dispossess' of an er'ror (דיס-פא-זעס' אוו ען ער'-אר) אויפווייזען א טעות.

dispossess'or *n.* (דיס-פא-זעס'-אר) איינער וואס בערויבט פון בעזיץ; איינער וואס ווארפט ארויס פון א וואהנונג.

dispossess' proceed'ings (דיס-פא-זעס' פרא-סיעד'-אינגז) געריכטליכע פערהאנדלונגען וועגען ארויסווארפען א שכן פון א וואהנונג.

dispossess' war'rant (דיס-פא-זעס' ווהאר'-ענט) א געריכטליכע פאלמאכט ארויסצוווארפען א שכן פון א וואהנונג.

dispraise' *n. and v.* (דיס-פרייז') טאדלען; טאדעל.

disprai'ser *n.* (דיס-פריי'-זער) א טאדלער.

dispread' *v.* (דיס-פרעד') פערשפרייטען, פערברייטען; זיך פערשפרייטען.

disprince' *v.* (דיס-פרינס') מאכען אויס פירסט [אין טיטעל אדער אויסזעהן].

dispris'on *v.* (דיס-פריז'ן) בעפרייען [פון תפיסה].

dispriv'ilege *v.* (דיס-פריוו'-אי-לעדזש) צונעהמען די ספעציעלע רעכטע אדער פריווילעגיעס.

disprize' *v.* (דיס-פראיז') ארונטערווארפען פון ווערדע, אונטערשעצען.

disprof'it *n.* (דיס-פראפ'-איט) שאדען, פערלוסט.

disproof' *n.* (דיס-פרוהף') ווידערלעגונג, דאס בעווייזען, אז עטוואס איז ניט ריכטיג.

dispropor'tion *n. and v.* (דיס-פרא-פאור'-שאן) דאס זיין ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג [לפי ערך] ניט גלייך, ניט סימעטריש אדער ניט צוגעפאסט; מאכען ניט צוגעפאסט, ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך אדער ניט סימעטריש.

dispropor'tionable *a.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-עבל) ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג [לפי ערך] ניט גלייך, ניט סימעטריש, ניט צוגעפאסט.

dispropor'tionableness *n.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-עבל-נעס) דאס זיין ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט סימעטריש אדער ניט צוגעפאסט.

dispropor'tionably *adv.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-ע-בלי) אויף א ניט פראפאר־

ציאנעלעז, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייכען, ניט סימעטרישען אדער ניט צוגעפּאסטען אופן.

disproportional *a.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנ-על) ז. *disproportionable*

disproportional'ity *n.* (דיס-פּרא-פּאור-שאַנ-על'-אי-טי) ז. *disproportionableness*

dispropor'tionally *adv.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנ-על-אי) ניט פּראָפּאָרציאָנעל, ניט סימעטריש, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט צוגעפּאסט, ניט גלייך, אונבעקוועם.

dispropor'tionate *a.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנ-אייט) ניט פּראָפּאָרציאָנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט סימעטריש, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך אין די טיילען אדער בעציהונגען.

dispropor'tionately *adv.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנ-אייט-לי) אויף א ניט פּראָפּאָרציאָנעלען, ניט סימעטרישען, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייכען אדער ניט צוגעפּאסטען אופן; צו פיעל אדער צו ווענינ.

dispropor'tionateness *n.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנ-אייט-נעס) ז. *disproportionableness*

dispropor'tioned *a.* (דיס-פּרא-פּאור'-שאַנד) ז. *disproportionate*

dispro'vable *a.* (דיס-פּרוה'-וועבל) וואס קען ווידערלעגט ווערען, וואס מען קען בעווייזען די ניט ריכטיגקייט דערפון.

dispro'val *n.* (דיס-פּרוה'-וועל) ז. *disproof*

disprove' *v.* (דיס-פּרוהוו') ווידערלעגען, בעווייזען, אז עטוואס איז ניט ריכטיג.

disprove'able *a.* (דיס-פּרוהוו'-עבל) ז. *disprovable*

disputabil'ity *n.* (דיס-פּיו-טע-ביל'-אי-טי) בעשטרייטבארקייט.

dispu'table *a.* (דיס-פּיו'-טעבל) שטרייטיג, בעשטרייטבאר; וואס מען קען ווענען דעם דיספּוטירען, דעבאטירען, פּאָלעמיזירען אדער האבען א ויכוח; וואס מען קען בעשטרייטען אדער אבּפרעגען.

dispu'tableness *n.* (דיס-פּיו'-טעבל-נעס) ז. *disputability*

dis'putant *n.* (דיס'-פּיו-טענט) א דיספּוטאנט, א דעבאטאנט; א פּאָלעמיקער; איינער וואס שטרייט אב איינעמס בעהויפּטונגען; איינער וואס האט א ויכוח, דיספּוטירט, דעבאטירט אדער פּאָלעמיזירט.

disputa'tion *n.* (דיס-פּיו-טיי'-שאַן) א דיספּוט, א דעבאטע, א ויכוח.

disputa'tious *a.* (דיס-פּיו-טיי'-שאַס) וואס איז שייך צו א דיספּוט אדער ויכוח; וואס האט ליעב צו דיספּוטירען אדער צו בעשטרייטען א צווייטענס בעהויפּטונגען; פּאָלעמיש, שטרייטיג.

disputa'tiously *adv.* (דיס-פּיו-טיי'-שאַס-לי) שטרייטינ; אויף א פּאָלעמישען שטייגער; דורך בעשטרייטען איינעמס בעהויפּטונגען.

dispu'tative *a.* (דיס-פּיו'-טיי-טיוו) ז. *disputatious*

dispu'tative sci'ence (דיס-פּיו'-טיי-טיוו סאי'-ענס) לאָגיק [די וויסענשאפט וועגען די געזעצען פון דענקען].

dispute' *n. and v.* (דיס-פּיוט') 1. שטרייט; בעשטרייטען, האבען א ויכוח; דעבאטירען, פּאָלעמיזירען, זיך קריגען; אבּפרעגען; זיין געגען; 2. צווייפלען; 3. א דיספּוט, א ויכוח, א דעבאטע, א פּאָלעמיק, א שטרייט, א קריגעג.

2. His claim for wages was disputed.

dispu'ter *n.* (דיס-פּיו'-טער) ז. *disputant*

dispute' the ground (דיס-פּיוט' טהי גראונד) קעמפּפען אום אנצוהאלטען דאס שלאכטפעלד.

disqualifica'tion *n.* (דיס-קוואל-אי-פי-קיי'-שאַן) אונפעהיגקייט; דאס ניט האבען די פערלאנגטע מעלות פאר א געוויסען אמט; דאס מאכען אונפעהיג צו עפּעס; דאס וואס מאכט אונפעהיג פאר א געוויסע זאך.

disqual'ify *v.* (דיס-קוואל'-אי-פאַי) מאכען אונפעהיג צו עפּעס.

disqui'et *n. and v.* (דיס-קוואַי'-עט) בעאונרוהיגען; אונרוה, זארג.

disqui'eting *a.* (דיס-קוואַי'-ע-טינג) בעאונרוהיגענד.

Disquieting rumors reach us from home.

disqui'etness *n.* (דיס-קוואַי'-עט-נעס) אונרוהיגקייט.

disqui'etude *n.* (דיס-קוואַי'-ע-טיוד) אונרוה, זארג.

disquisi'tion *n.* (דיס-קווי-זיש'-אַן) די אונטערזוכונג, די נאכפאָרשונג.

disquisi'tional *a.* (דיס-קווי-זיש'-אַנ-על) וואס געהערט צו אן אונטערזוכונג אדער נאכפאָרשונג.

disregard' *n. and v.* (דיס-רי-גארד') ניט אכטען, ניט געבען קיין אכטונג, בעטראכטען אלס ניט ווירדיג; פערנאכלעסיגען; פעראכטונג; גלייכגילטיגקייט.

disregar'der *n.* (דיס-רי-גאר'-דער) דער גרינגשעצער; דער וואס פעראכטעט.

disregard'ful *a.* (דיס-רי-גארד'-פול) פול מיט פעראכטונג; נאכלעסיג; זארגלאז וועגען עפּעס.

disregard'fully *adv.* (דיס-רי-גארד'-פול-אי) מיט פולער פעראכטונג; אויף א פערעכטליכען אדער נאכלעסיגען שטייגער.

disrel'ish *n. and v.* (דיס-רעל'-איש) ניט האבען קיין געשמאק פאר עפּעס, פיהלען אן עקעל; אן עקעל, א ווידערווילען.

disrel'ishing *a.* (דיס-רעל'-איש-אינג) וואס רופט ארויס אן עקעל אדער ווידערווילען.

disrepair' *n.* (דיס-רי-פּעהר') דאס זיין ניט אויסגעבעסערט אדער פעררי כט; דער צושטאנד פון א זאך ווען עס פאדערט זיך זי צו פעררי כטען.

disrep'utable *a.* (דיס-רעפּ'-יו-טייבל) וואס האט ניט קיין גוטען נאמען; וואס מאכט א שלעכטע רעפּוטאציע.

disrep'utably *adv.* (דיס-רעפּ'-יו-טע-בלי) דורך מאכען א שלעכטען נאמען.

disrepute' *n.* (דיס-רי-פּיוט') א שלעכטער נאמען, א מיאוס'ע רעפּוטאציע; שאנדע, חרפּה.

Among his acquaintances he is held in disrepute.

disrespect' *n. and v.* (דיס-רי-ספּעקט') ניט-אכטונג, גראבקייט; דאס ניט האבען קיין רעספּעקט; ניט רעספּעקטירען, ניט אכטען.

disrespect'ful *a.* (דיס-רי-ספּעקט'-פול) אהן שום רעספּעקט; אונהעפליך, גראב.

disrespect'fully *adv.* (דיס-רי-ספּעקט'-פול-אי) אויף אן אונהעפליכען, גראבען שטייגער.

disrespect'fulness *n.* (דיס-רי-ספּעקט'-פול-נעס) דאס ניט האבען קיין שום רעספּעקט; אונהעפליכקייט, גראבקייט.

disrobe' *v.* (דיס-ראוב') אויסטהאן, אראבנעהמען די קליידער, לאזען נאקעט, בערויבען; אויסטהאן זיך.

disroot' *v.* (דיס-רוהט') אויסרייסען מיט'ן ווארצעל; אויסרייסען, אויסווארצלען.

disrupt' *v.* (דיס-ראפּט') פאנאנדעררייסען, צורייסען, צוברעכען.

disrup'tion *n.* (דיס-ראפּ'-שאַן) דאס פאנאנדעררייסען, די צורייסונג, צוברעכונג.

disrup'tive *a.* (דיס-ראפּ'-טיוו) וואס צוברעכט, וואס רייסט פאנאנדער; וואס קומט פון א צורייסונג.

disrup'tiveness *n.* (דיס-ראפּ'-טיוו-נעס) דאס זיין פאנאנדערגעריסען אדער צובראכען.

dissatisfac'tion *n.* (דיס-סעט-איס-פעק'-שאַן) אונצופריעדענהייט.

dissatisfac'toriness *n.* (דיס-סעט-איס-פעק'-טא-רי-נעס) אונמעגליכקייט צו בעפריעדיגען; דאס זיין ניט צופריעדענשטעלענד.

dissatisfac'tory *a.* (דיס-סעט-איס-פעק'-טא-רי) ניט בעפריעדיגענד.

dissat'isfied *a.* (דיס-סעט'-איס-פאיד) אונבעפריעדיגט, ניט צופריעדענגעשטעלט.

dissat'isfy *v.* (דיס-סעט'-איס-פאַי) ניט צופריעדענשטעלען; אונצופריעדען מאכען.

dissect' *v.* (די-סעקט') צושניידען אויף שטיקער, צושניידען אברים-ווייז, אנאטאמיזירען, פּאָלמעסען; צוגליעדערען; בעטראכטען יעדען טייל בעזונדער; געבען א בעשרייבונג פון אלע פּרטים.

dissec'ted *a.* (די-סעקט'-טעד) צושניטען אויף שטיקער; אין באטאניק — טיעף איינגעשניטען אין בעזונדערע טיילעכלעך אדער סעגמענטען [וועגען א בלאט א. ד. ג.].

dissec'tible *a.* (די-סעק'-טיבל) וואס קען צושניטען אדער צולעגט ווערען אויף שטיקלעך.

dissec'ting-knife *n.* (די-סעק'-טינג-נאיף) דעם דאקטאר'ס מעסער [צו אנאטאמיזירען אדער פּאָלמעסען].

dissec'ting-room *n.* (די-סעק'-טינג-רוהם) דאס צימער, וואו מען אנאטאמיזירט אדער פּאָלמעסט.

dissec'tion *n.* (די-סעק'-שאַן) די צושניידונג פון א קערפּער; די צוגליעדערונג; דאס אנאטאמיזירען אדער פּאָלמעסען.

dissec'tor *n.* (די-סעק'-טאר) דער וואס צושניידט א קערפּער; איינער וואס אנאטאמיזירט אדער פּאָלמעסט.

disseize' *v.* (דיס-סיז') אוועקטרייבען מיט אונרעכט איינעם פון זיין בעזיץ.

disseizee' *n.* (דיס-סיז-יה') איינער וואס איז מיט אונרעכט אוועקגעטריבען געווארען פון זיין בעזיץ.

dissei'zin *n.* (דיס-סיע'-זין) דאס פערכאפּען מיט אונרעכט איינעמס בעזיץ.

dissei'zor *n.* (דיס-סיע'-זאר) איינער וואס ווארפט ארויס אן אנדערען פון זיין איינענטום און פערנעהמט מיט אונרעכט זיין בעזיץ.

dissem'ble *v.* (די-סעמ'-בל) פערדעקען דעם ריכטיגען געשטאלט; פערמאַסקירען; געבען א פאלשע פארשטעלונג וועגען עפּעס; פערשטעלען זיך; ניט ארויסווייזען זיך אין ריכטיגען געשטאלט; מאכען א פאלשען איינדרוק וועגען זיך.

His actions were designed in order to dissemble his true motive.

dissem'bler *n.* (די-סעמ'-בלער) א פער-

שטעלטער, א פערמאסקירטער; א צבוע'ק, א היפאקריט.

dissem'blingly *adv.* (די-סעמ'-בלינג-לי) פערשטעלטערהייט; מעשה צבוע'ק.

dissem'inate *v.* (די-סעמ'-אי-נייט) צוזייען, פערשפרייטען; פערברייטען [אן אידעע אדער בעוועגונג].

dissem'inated *a.* (די-סעמ'-אי-ניי-טעד) צושפרייט; צושפרונגען [ביי א מינעראל].

dissemina'tion *n.* (די-סעמ-אי-ניי'-שאן) די צוזייאונג, די פערשפרייטונג; די פערברייטונג [פון אידעען].

dissem'inative *a.* (די-סעמ'-אי-ניי-טיוו) צוזייענד, פערשפרייטענד; וואס האט די נייגונג זיך צו פערשפרייטען.

dissem'inator *n.* (די-סעמ'-אי-ניי-טאר) א פערשפרייטער, א פערברייטער [פון א לעהרע].

dissen'sion *n.* (די-סענ'-שאן) אן אונאיינגקייט; א שטרייט, א קריעג, א מחלוקה.

dissen'sious *a.* (די-סענ'-שאס) וואס זוכט מחלוקות; וואס העצט אויף.

dissen'siously *adv.* (די-סענ'-שאס-לי) אויף אן אויפהעצערישען, קריעגערישען אופן.

dissent' *n. and v.* (די-סענט') ניט איינשטימען, זיין דאגעגען, פאנאנדערגעהן זיך אין מיינונגען אדער איבערצייגונגען; ניט אנערקענען די הערשענדע קירך, זיין א מתנגד; אונאיינינקייט, פערשיעדענהייט אין מיינונגען; דאס ניט איינשטימען; דאס ניט אנערקענען די הערשענדע קירך [בעזאנדערס אין ענגלאנד און שאטלאנד].

dissenta'neous *a.* (דיס-ען-טיי'-ני-אס) וואס איז ניט איינשטימיג, וואס איז דאגעגען.

dissen'ter *n.* (די-סענ'-טער) דער וואס איז אונאיינינג מיט עפעס; דער וואס האלט פון אן אנדער מיינונג; איינער וואס אנערקענט ניט די פרינציפען און לעהרען פון דער הערשענדער קירך אין זיין לאנד.

dissen'tient *n. and a.* (די-סענ'-שענט) וואס איז ניט איינפערשטאנען; וואס טרעט ארויס דאגעגען; דער וואס איז ניט איינשטימיג.

dissen'ting *a.* (די-סענ'-טינג) וואס איז ניט איינשטימיג, וואס האלט זיך נעגנעריש; וואס בעלאנגט צו א סעקטע אדער ריכטונג, וועלכע אנערקענט ניט די פרינציפען און לעהרען פון דער הערשענדער קירך.

dissen'tious *a.* (די-סענ'-שאס) קריגעריש, שטרייטזיכטיג.

dissen'tiously *adv.* (די-סענ'-שאס-לי) אויף א קריעגערישען, שטרייטזיכטיגען אופן.

dissep'iment *n.* (די-סעפ'-אי-מענט) א שייד=וועגטעלע [הויפטזעכליך אין פרוכט, וו. צ. ב. די שייד=ווענטעלעך צווישען די טיילען אין אן אפעלסין].

dissepimen'tal *a.* (די-סעפ-אי-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו א שייד=ווענטעל. ז. *dissepiment*.

dis'sertate *v.* (דיס'-אויר-טייט) שרייבען אן אבהאנדלונג; שרייבען א דיסערטאציאן [א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער געוויסע געגעבענע פונקטען]; פערהאנדלען אויף דעם אופן פון א דיסערטאציאן.

disserta'tion *n.* (דיס-אויר-טיי'-שאן) א דיסערטאציאן [א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער געוויסע געגעבענע פונקטען, מייסטענס פאר דעם צוועק צו בעקומען א געלעהרטען=טיטעל, ווי דאקטאר א ד. ג.]; אן אבהאנדלונג.

disserta'tional *a.* (דיס-אויר-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א דיסערטאציאן. ז. *dissertation*.

disserta'tionist *n.* (דיס-אויר-טיי'-שאנ-איסט) ז. *dissertator*.

disserta'tor *n.* (דיס-אויר-טיי'-טאר) א שרייבער פון א דיסערטאציאן. ז. *dissertation*.

disserve' *v.* (דיס-סירוו') שאדען, שעדיגען; טהאן א רעה.

disser'vice *n.* (דיס-סיר'-וויס) א רעה; א שאדען.

disser'viceable *a.* (דיס-סיר'-וויס-עבל) וואס טהוט א רעה; שעדליך.

disser'viceableness *n.* (דיס-סיר'-וויס-עבל-נעס) שעדליכקייט; דאס טהאן א רעה.

disser'viceably *adv.* (דיס-סיר'-וויס-ע-בלי) אויף א שעדיגענדען אופן; טהוענדיג א רעה.

dissev'er *v.* (די-סעוו'-ער) אבזונדערען, אבטיילען; זיך אבזונדערען, זיך אבטיילען.

dissev'erance *n.* (די-סעוו'-ע-רענס) די אבזונדערונג, די אבטיילונג; דאס זיין אבגעזונדערט אדער אבגעטיילט.

dissevera'tion *n.* (די-סעוו-ע-ריי'-שאן) ז. *disseverance*.

dissev'erment *n.* (די-סעוו'-אויר-מענט) דאס אבטיילען, דאס אבזונדערען.

dis'sidence *n.* (דיס'-אי-דענס) די אונאיינינקייט; פערשיעדענהייט אין מיינונג.

dis'sident *n. and a.* (דיס'-אי-דענט) איינער וואס האט אן אנדער מיינונג וועגען עפעס; איינער וואס איז ניט איינשטימיג; אן אפאנענט; ניט איינשטימיג; פון פערשיעדענער מיינונג.

dis'sight *n.* (דיס'-סאיט) א מיאוס אויסזעהן.

dissil'ience *n.* (די-סיל'-אי-ענס) די צופלאצונג, צושפרונגונג; דאס פאנאנדערפליהען.

dissil'iency *n.* (די-סיל'-אי-ען-סי) ז. *dissilience*.

dissil'ient *a.* (די-סיל'-אי-ענט) צופלאצענד, צושפרינגענד; פאנאנדערפליהענד.

dissim'ilar *a.* (די-סימ'-אי-לאר) ניט עהנליך; פערשיעדען.

dissimilar'ity *n.* (די-סימ-אי-לער'-אי-טי) אונגלייכקייט; פערשיעדענהייט.

dissim'ilarly *adv.* (די-סימ'-אי-לער-לי) אויף אן אונגלייכען אדער פערשיעדענעם אופן.

dissim'ilate *v.* (די-סימ'-אי-לייט) מאכען אונגלייך אדער פערשיעדען.

dissimila'tion *n.* (די-סימ-אי-ליי'-שאן) דאס מאכען אונגלייך אדער פערשיעדען; קאטאבאליזם. ז. *catabolism*.

dissim'ilative *a.* (די-סימ'-אי-ליי-טיוו) וואס האט די נייגונג צו מאכען אונגלייך אדער פערשיעדען; קאטאבאליש. ז. *catabolism*.

dissimil'itude *n.* (דיס-אי-מיל'-אי-טיוד) אונגלייכקייט. פערשיעדענהייט, אונעהנליכקייט; א קאנטראסט; א פערגלייכונג דורך א קאנטראסט.

dissim'ulate *v.* (די-סימ'-יו-לייט) זיך פערשטעלען [ווי א צבוע'ק אדער א היפאקריט].

dissimula'tion *n.* (די-סימ-יו-ליי'-שאן) פערשטעלטקייט; דאס פערשטעלען זיך; צבוע'טסטווע, היפאקריטיזם.

dissim'ulator *n.* (די-סימ'-יו-ליי-טאר) איינער וואס פערשטעלט זיך, א צבוע'ק, א היפאקריט.

dis'sipate *v.* (דיס'-אי-פייט) צושטרייען; צושפרייטען; פערשווענדען, אויסברייגנען; צושפרייט ווערען; זיין פערשווענדעריש; זיך אריינלאזען אין איבערטריבענע פערגניגענס און שכרות; פיהרען א פערשווענדעריש לעבען.

dis'sipated *a.* (דיס'-אי-פיי-טעד) צולאזען, פערשווענדעריש.

dissipa'tion *n.* (דיס-אי-פיי'-שאן) צושפרייטונג, צושטרייאונג, פערשווענדעריי, אויסבריינגעריי; צולאזענקייט; שכרות.

dissipa'tion of en'ergy (דיס-אי-פיי'-שאן אוו ענ'-ער-דזשי) די ענדערונג פון ענערגיע אין אן אונניצליכע אדער אונברויכבארע פארם, ווי די ענדערונג פון נוציגע מעכאנישע ענערגיע פון א מאשין אין ווערמע=ענערגיע, וועלכע בעקומט זיך פון דער רייבונג פון די מאשינען=טיילען.

dis'sipative *a.* (דיס'-אי-פיי-טיוו) צושפרייטענדיג, צושטרייענדיג; וואס איז שייך צו דער ענדערונג פון ענערגיע אין נוצלאזע. ז. *dissipation of energy*.

dissociabil'ity *n.* (די-סאו-שיע-ביל'-אי-טי) אונגעזעלשאפטליכקייט; אונגעזעליגקייט; אונפעראיינבארקייט.

disso'ciable *a.* (די-סאו'-שיעבל) אונגעזעלשאפטליך, אונגעזעליג; אונפעראיינבאר, ניט גוט צוזאמענפאסענד.

disso'ciableness *n.* (די-סאו'-שיעבל-נעם) ז. *dissociability*.

disso'cial *a.* (די-סאו'-שעל) ניט געזעלשאפטליך; אונגעזעליג; אייגענגוציג.

disso'cialize *v.* (די-סאו'-שעל-איז) מאכען אונגעזעלשאפטליך אדער אונגעזעליג; אבזונדערען, אבטיילען.

disso'ciate *v.* (די-סאו'-שי-אייט) צוטיילען, אבטיילען, אבזונדערען, שיידען.

dissocia'tion *n.* (די-סאו-שי-איי'-שאן) די אבזונדערונג, די טיילונג. די שיידונג.

disso'ciative *a.* (די-סאו'-שיע-טיוו) וואס צושיידט, וואס זונדערט אב.

dissolubil'ity *n.* (דיס-א-ליו-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוגעהן אדער צושמעלצען; דאס קענען צוטיילט אדער צופאלען ווערען אויף די כעמישע יסודות.

dis'soluble *a.* (דיס'-א-ליובל) וואס קען צוגעהן אדער צושמעלצען; וואס קען צוטיילט ווערען אין טיילען; וואס קען צופאלען אויף די כעמישע יסודות.

dis'solubleness *n.* (דיס'-א-ליובל-נעס) ז. *dissolubility*.

dis'solute *a.* (דיס'-א-ליוט) אויסגעלאסען, צולאזען, שארלאטאניש.

dis'solutely *adv.* (דיס'-א-ליוט-לי) אויף אן אויסגעלאסענעם אדער צולאזענעם אופן; מעשה שארלאטאן.

dis'soluteness *n.* (דיס'-א-ליוט-נעס) צולאזענקייט, אויסגעלאסענקייט.

dissolu'tion *n.* (דיס-א-ליו'-שאן) די אויפלעזונג, די צוזעצונג; דאס צוגעהן אדער צושמעלצען; די צופאלונג אין די טיילען, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט; די פאנאנדערפאלונג אויף די כעמישע יסודות; די אויפלעזונג פון א פארלאמענט, א פעראיין א. ד. ג.; דער טויט.

dissolvabil'ity *n.* (די-זאל-ווע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אויפגעלעזט ווערען,

דאס קענען צוגעהן אדער צושמאלצען ווערען.

dissol'vable *a.* (די-זאל'-וועבל) וואס קען זיך אויפלעזען, וואס קען צוגעהן אדער צושמאלצען ווערען.

dissol'vableness *n.* (די-זאל'-וועבל-נעס) דאס קענען אויפגעלעזט ווערען; דאס קענען צוגעהן אדער צושמאלצען ווערען.

dissolve' *v.* (די-זאלוו') אויפלעזען, שמעלצען, אבזונדערען אין טיילען; פאנאנדערלאזען [ווי א פארלאמענט, א פערזאמלונג א. ד. ג.]; צונעהמען די מאכט; אונגילטיג מאכען; פערניכטען.

dissolved' in lux'ury (די-זאלווד' אין לאק'-שא-רי) פערזונקען אין לוקסוס.

dissol'vent *n. and a.* (די-זאל'-ווענט) אויפלעזענד, מאכענדיג צוגעהן, שמעלצענד; אויפלעזענד, אן אויפלעזונגס-מיטעל.

dissol'ver *n.* (די-זאל'-ווער) איינער אדער עטוואס וואס לעזט אויף. ז. *dissolve*.

dissol'vible *a.* (די-זאל'-וויבל) ז. *dissolvable*.

dissol'ving views (די-זאל'-ווינג וויוז) אזעלכע טומאנע בילדער וואס ווערען געצייגט מיט א מאגישער לאנטערנע אויף אזא אופן, דאס איידער איין בילד פערשווינדעט פאנגט זיך שוין אן ווייזען דאס צווייטע.

dis'sonance *n.* (דיס'-א-נענס) א דיסאנאנס, א שלעכטער קלאנג; א פערבינדונג פון טענער, וועלכע שטימען ניט; אן אונהארמאנישער מיש-מאש; אן אונאייניגקייט, אן אונאיינשטימיגקייט.

dis'sonancy *n.* (דיס'-א-נען-סי) ז. *dissonance*.

dis'sonant *a.* (דיס'-א-נענט) ניט הארמאניש, שלעכט קלינגענד; ניט שטימענד.

dissuade' *v.* (די-סהווייד') אברייד[ע]ן, אבראטען.

I tried to **dissuade** him from undertaking such a dangerous journey.

dissua'der *n.* (די-סהוויי'-דער) איינער וועלכער ראט אב.

dissua'sion *n.* (די-סהוויי'-זשאן) אבראטונג; דאס אברייד[ע]ן.

dissua'sive *n. and a.* (די-סהוויי'-סיוו) אברייד[ע]נדיג, אבראטענד; אן ארגומענט אדער אן עצה וואס האלט אימעצען אב עטוואס צו טהאן.

dissua'sively *adv.* (די-סהוויי'-סיוו-לי) אויף אן אבראטענדען אופן; אבראטענדיג, אברייד[ע]נדיג.

dissyllab'ic *a.* (דיס-אי-לעב'-איק) צוויי-זילביג, וואס בעשטעהט פון צוויי זילבען.

dissyllabifica'tion *n.* (דיס-אי-לעב-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פארמירען אין צוויי זילבען.

dissyllab'ify *v.* (דיס-אי-לעב'-אי-פאי) פארמירען אין צוויי זילבען.

dissyl'labism *n.* (די-סיל'-ע-ביזם) דאס בעשטעהן פון צוויי זילבען.

dissyl'labize *v.* (די-סיל'-ע-באיז) ז. *dissyllabify*.

dissyl'lable *n.* (די-סיל'-עבל) א צוויי-זילביג ווארט.

dissymmet'ric *a.* (דיס-סי-מעט'-ריק) ניט סימעטריש.

dissymmet'rical *a.* (דיס-סי-מעט'-רי-קעל) ז. *dissymmetric*.

dissym'metry *n.* (דיס-סימ'-ע-טרי) דער מאנגעל אין סימעטריע, דאס פעהלען פון סימעטריע.

dis'taff *n.* (דיס'-טעף) א פראסליצע, א שפינדעל; א פרוי; דאס פרויען-געשלעכט [בלשון מליצה].



Distaff

distain' *v.* (דיס-טיין') בעפלעקען; פערטונקלען.

dis'tal *a.* (דיס'-טעל) וואס איז ווייט פון צענטער; וואס שטעהט ביים עק.

dis'tally *adv.* (דיס'-טעל-אי) אין א דערווייטערטער ריכטונג.

dis'tance *n. and v.* (דיס'-טענס) די דיסטאנץ, דער מרחק, די שטרעקע; די בעשטימטע שטרעקע אויף וויפיעל עס דארף אבשטעהן איין אטריאד מיליטער פון צווייטען אין א פאלק [רעגימענט] אדער דיוויזיע; די אבגעמאסטענע שטרעקע צווישען צוויי מענשען וואס שלאגען זיך אין א דועל; אין וועט-לויף פון פערד — די "דיסטאנץ", א בעשטימטע שטרעקע פון לעצטען פונקט פון וועט-לויף, וואס דאס פערד, וועלכעס ענדיגט ניט דעם גאנצען לויף, מוז דערגרייכען, כדי צו נעהמען אנטייל אין ווייטערדיגען לויף [אין די פעראייניגטע שטאאטען, אויב דער וועט-לויף איז אויף א מייל — איז די "דיסטאנץ" 80 יארד, אויב א האלבע מייל — איז זי 100 יארד]; אין מוזיק — דער אינטערוואל צווישען צוויי טענער; א דערווייטערונג אין ארט אדער צייט; א דערווייטערונגס-שטופע אין קרובה'שאפט, אין ראנג א. ד. ג.; די צוריקגעהאלטענקייט, בעשיידענהייט; דאס האלטען זיך מיט עהרפורכט אן א זייט; דערווייטערען; האלטען אויף א געוויסער שטרעקע פון זיך; אין וועט-לויף פון פערד—קומען צום ציעל, ווען דאס צווייטע פערד איז בלויז ביי דער "דיסטאנץ"; אריבעריאגען; אריבערשטייגען איינעם.

dis'tance of time (דיס'-טענס אוו טאים) די לענג פון צייט.

dis'tance-post *n.* (דיס'-טענס-פאוסט) אין וועט-לויף פון פערד — א פאהן אדער אן אנדער זאך וואס בעצייכענט די "דיסטאנץ". ז. *distance*.

dis'tance-sig'nal *n.* (דיס'-טענס-סיג'-נעל) ביי אייזענבאהנען — דער ווייטסטער פון א רייהע סיגנאלען אונטער דער קאנטראל פון סיגנאל-געבער.

dis'tant *a.* (דיס'-טענט) וואס איז דערווייטערט, וואס שטעהט אב אויף א בעשטימטער שטרעקע; ווייט, צוריקגעהאלטען; וואס האלט זיך דערווייטערט, פרעמד אדער קאלט אין בעציהונגען.

dis'tantly *adv.* (דיס'-טענט-לי) דורך דערווייטערונג, דורך קאלטקייט און פרעמדקייט אין בעציהונגען.

dis'tantly rela'ted (דיס'-טענט-לי רי-ליי'-טעד) פון ווייטער קרובה'שאפט.

We are only **distantly related.**

dis'tant rel'ative (דיס-טענט רעל'-ע-טיוו) א ווייטער קרוב.

distaste' *n.* (דיס-טייסט') אן עקעל, א ווידערווילען; פערדרוס.

Young children often have a **distaste** for milk.

distaste'ful *a.* (דיס-טייסט'-פול) עקעלהאפט.

distaste'fully *adv.* (דיס-טייסט'-פול-אי) אויף אן עקעלהאפטען שטייגער.

distaste'fulness *n.* (דיס-טייסט'-פול-נעס) עקעלהאפטיגקייט.

distem'per *n. and v.* (דיס-טעמ'-פער) אויפגערעגטקייט, ניט געשטעלטקייט, קראנקהייט [ספעציעל ביי חיות]; הונד-קראנקהייט; די טעמפערא-מאלעריי [אזא זארט מאלען מיט וואסער-פארבען]; די וואסער-פארב; מאכען קראנק, אויפרעגען, רייצען, פערארזאכען אונאנגענעהמליכקייטען; מאלען מיט וואסער-פארב.

distem'perately *adv.* (דיס-טעמ'-פער-עט-לי) אויף אן אויפגערעגטען אדער קרענקליכען אופן.

distem'pered *a.* (דיס-טעמ'-פערד) קרענקליך, שלעכט געשטימט, אויפגעבראכט, צומישט, צורודערט, אין אונארדנונג, אונרוהיג.

distem'peredness *n.* (דיס-טעמ'-פערד-נעס) דאס זיין צורודערט, דאס זיין קרענקליך אדער שלעכט געשטימט.

distend' *v.* (דיס-טענד') פאנאנדערשפרייטען; פאנאנדערברייטען.

distensibil'ity *n.* (דיס-טען-סי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו פערשפרייטען זיך אדער ווערען פאנאנדערגעצויגען.

disten'sible *a.* (דיס-טענ'-סיבל) וואס קען פאנאנדערגעצויגען ווערען.

disten'sion *n.* (דיס-טענ'-שאן) דאס פאנאנדערציהען; דאס פאנאנדערשפרייטען.

disten'sive *a.* (דיס-טענ'-סיוו) וואס קען פאנאנדערגעצויגען ווערען.

disten'tion *n.* (דיס-טענ'-שאן) ז. *distension*.

dis'tich *n. and a.* (דיס'-טיק) דאס דיסטיכאן [א פערז אין א געדיכט וואס בעשטעהט פון צוויי ציילען], א דאפעלטער פערז; בעשטעהענדיג פון צוויי ציילען אדער רייהען.

dis'tichous *a.* (דיס'-טי-קאס) וואס בעשטעהט פון צוויי ציילען; אין באטאניק — מיט צוויי ציילען בלעטער פון ביידע זייטען פון שטענגעל.

Distichous Leaves

dis'tichously *adv.* (דיס'-טי-קאס-לי) אין צוויי ציילען.

distil' *v.* (דיס-טיל') ז. *distill*.

distill' *v.* (דיס-טיל') טריפען; לאנגזאם פליסען אדער גיסען; דיסטילירען; טרייבען [ווי ספיריט]; צושמעלצען, צולאזען.

distil'lable *a.* (דיס-טיל'-עבל) וואס מען קען דיסטילירען [וועגען פליסיגקייטען].

distil'late *n.* (דיס-טיל'-אייט) א פליסיגקייט וואס ווערט דיסטילירט אדער וואס ווערט געטריבען [ווי ספיריט].

distilla'tion *n.* (דיס-טי-ליי'-שאַן) דיסטילירונג; דאָס טריפּען, די טרייבונג [פון פליסיגקייטען]; דער שטאָף, וואָס מען קריגט דורך טרייבונג; דער עסענץ.

distilla'tion of hu'mors (דיס-טי-ליי'-שאַן אוו היו'-מאָרז) דאָס פליסען פון דער פליסיגקייט אין קערפּער.

distilla'tion of spir'its (דיס-טי-ליי'-שאַן אוו ספּיר'-איטס) בראַנפען-טרייבונג, בראַנפען-ברענעריי.

distil'latories *n.* (דיס-טיל'-ע-טאַ-ריז) אַ דיסטילאַטאָר, אַ דיסטיליר-אַפּאַראַט; אַ ספּיריט-טרייבונג אַפּאַראַט.

distil'latory *a.* (דיס-טיל'-ע-טאַ-רי) וואָס איז שייך צו דיסטילירונג, וואָס קומט פון דיסטילירען אָדער וואָס ווערט גע-ברויכט צום דיסטילירען.

distilled' wa'ter (דיס-טילד' וואָה'-טער) דיסטילירטעס וואַסער [וואַסער וואָס ווערט פערוואַנדעלט אין פּאַרע און ווערט נאָכדעם צוריק אָבגעקיהלט און פערוואַנ-דעלט אין וואַסער].

distil'ler *n.* (דיס-טיל'-ער) איינער אָדער עטוואָס וואָס דיסטילירט אָדער וואָס טרייבט ספּיריט; אַ דיסטילירער, אַ דיס-טילאַטאָר, אַ בראַנפען-טרייבער.

distil'lery *n.* (דיס-טיל'-ער-אי) אַ בראַנפען-ברויז, אַ בראַנפען-ברענעריי, אַ גוראַלניע; דיסטילירונג; בראַנפען-טריי-בונג.

distil'ling appara'tus (דיס-טיל'-אינג עפּ-ע-ריי'-טאַס) אַ דיסטיליר-אַפּאַ-ראַט.

Distilling Apparatus

distill'ment *n.* (דיס-טיל'-מענט) דאָס וואָס ווערט פּראָדוצירט דורך דיסטילירען אָדער טרייבען [פליסיגקייטען].

distil'ment *n.* (דיס-טיל'-מענט) ז. *distillment*

distil' out (דיס-טיל' אוט) אַרויסצי-הען דעם עסענץ אָדער דעם זאַפט.

distinct' *a.* (דיס-טינקט') פערשיעדען, בעזונדער; דייטליך, קלאָר; קענטיג; וואָס אונטערשיידעט קלאָר.

distinc'tion *n.* (דיס-טינק'-שאַן) 1. אונ-טערשיעד, אונטעראַיידונג, אונטערשיי-דונגס-צייכען, די פעהיגקייט צו אונטער-שיידען, צו בענעהמען אָדער צו אורטיילען; 2. אויסצייכנונג, פּראָמינענץ, הויכע שטע-לונג; עטוואָס וואָס צייכענט אויס אָדער מאַכט פּראָמינענט [ווי אַן אַמט, טיטול א. ד. ג.]; דאָס אויסצייכנען, דאָס בע-עהרען.

1. All Americans have the same rights. The law allows of no **distinction**. 2. The gathering consisted of men of distinction in all walks of life.

distinc'tive *a.* (דיס-טינק'-טיוו) אונ-טערשיידענד; פערשיעדען, כאַראַקטעריס-טיש; איינגענטימליך.

distinc'tive fea'ture (דיס-טינק'-טיוו פיע'-טשור) אַ כאַראַקטעריסטישער צוג; עטוואָס וואָס איז איינגענטימליך אָדער כאַראַקטעריסטיש.

distinc'tively *adv.* (דיס-טינק'-טיוו-לי) מיט אונטערשיידונג; אויף אַ פער-שיעדענעם, בעזונדערען, כאַראַקטעריסטי-שען אָדער איינגענטימליכען שטייגער; אויף אַ קלאָרען, דייטליכען אופן.

distinc'tive mark (דיס-טינק'-טיוו מאַרק) אַן אונטערשיידונגס-צייכען.

He has a distinctive mark on his face.

distinc'tiveness *n.* (דיס-טינק'-טיוו-נעס) דאָס זיין אונטערשיידענד, פערשיע-דען, כאַראַקטעריסטיש אָדער איינגענטים-ליך; אַ בעשטימטע, דייטליכע פערשיע-דענהייט, איינגנאַרטיגקייט אָדער אינדי-ווידואַליטעט.

distinct'ly *adv.* (דיס-טינקט'-לי) 1. אויף אַ קלאָרען, בעשטימטען אָדער דייטליכען שטייגער; 2. בפירוש; אויגענ-שיינליך, אונבעשטרייטבאַר.

1. He speaks English very **distinctly**. 2. It was **distinctly** understood.

distinct'ness *n.* (דיס-טינקט'-נעס) דייטליכקייט, קלאָרקייט, בעשטימטקייט, אונבעשטרייטבאַרקייט, אויגענשיינליכקייט.

distin'guish *v.* (דיס-טינ'-גוויש) מאַ-כען אַן אונטערשיעד, אונטערשיידען; אָב-מיילען; בעצייכענען; כאַראַקטעריזירען; איינטיילען אין קלאַסען; אויסצייכנען; עהרען, ערהויבען, מאַכען פּראָמינענט, פּאַרנעהמען; קריטיש בעטראַכטען, אורטיי-לען; דערקענען, בעמערקען.

distin'guishable *a.* (דיס-טינ'-גוויש-עבל) וואָס מען קען אונטערשיידען אָדער אָבטיילען; קענטיג; וואָס מען קען בעמער-קען אָדער דערקענען; וואָס מען קען כאַ-ראַקטעריזירען און איינטיילען, לויט גע-וויסע כאַראַקטעריסטישע סמנים, אין קלאַ-סען; בעמערקענסווערטה, בעדייטענד.

distin'guishableness *n.* (דיס-טינ'-גוויש-עבל-נעס) אונטערשיידבאַרקייט; בעמערקבאַרקייט; קענטיגקייט; דאָס זיין בעמערקענסווערטה אָדער בעדייטענד.

distin'guishably *adv.* (דיס-טינ'-גוויש-ע-בלי) אויף אַן אונטערשיידבאַ-רען, קענטיגען אָדער בעמערקבאַרען אופן.

distin'guished *a.* (דיס-טינ'-גווישט) אויסגעצייכענט, אויסערגעוועהנליך, פּראָ-מינענט, פּאַרנעהם, בעוואוסט, בעריהמט.

distin'guished by (דיס-טינ'-גווישט באַי) וואָס צייכענט זיך אויס מיט...

He is **distinguished by** his tall appearance.

distin'guishedly *adv.* (דיס-טינ'-גווישט-לי) דורך אויסצייכנונג; אויף אַ פּאַרנעהמען שטייגער.

distin'guished traits of char'acter (דיס-טינ'-גווישט טרייטס אוו קער'-עק-טער) שטאַרק מערקבאַרע אָדער קענטיגע כאַראַקטער-ציגע, דאָס הויפּט כאַראַקטע-ריסטישע.

distin'guisher *n.* (דיס-טינ'-גוויש-ער) איינער וואָס קען מאַכען אונטערשיע-דע אָדער וואָס קען אורטיילען; אַ שאַרפער בעאָבאַכטער; אַ קענער.

distin'guishing *a.* (דיס-טינ'-גוויש-אינג) וואָס אונטערשיידעט, טיילט אָב אָדער צייכענט אויס; כאַראַקטעריסטיש, איינגענטימליך.

distin'guishingly *adv.* (דיס-טינ'-גוויש-אינג-לי) מיט אויסצייכנונג; אויף אַ מערקבאַרען, קענטיגען אָדער אויסערגע-וועהנליכען שטייגער.

distort' *v.* (דיס-טאָהרט') פערקרימען, פערדרעהען; פערדאַרבען די געשטאַלט; פערדרעהען דעם געדאַנק; געבען אַ פאַלשע פּאַרשטעלונג וועגען עפּעס.

The story of this accident was **distorted** in the newspaper reports.

distor'tedly *adv.* (דיס-טאָהר'-טעד-לי) אויף אַ פערקרימטען, צודרעהטען שטיי-גער.

distor'ter *n.* (דיס-טאָהר'-טער) איינער אָדער עפּעס וואָס פערקרימט אָדער פער-דאַרבט די געשטאַלט.

distor'tion *n.* (דיס-טאָהר'-שאַן) די פערקרימונג, די פערדרעהונג; די פערדאַר-בונג פון געשטאַלט; דאָס זיין פערדרעהט אָדער צוקאָרטשעט; דאָס קאָרטשען זיך; די פערדרעהונג פון אַ געדאַנק אָדער ריכ-טונג.

distor'tion of vi'sion (דיס-טאָהר'-שאַן אוו וויזש'-אַן) אַ קאָסאָקע אויג.

distor'tor *n.* (דיס-טאָהר'-טאָר) אין אַנאַ-טאָמיע — דאָס וואָס פערקרימט [ווי דער זיגאָמאַטיקוס מוסקעל וואָס פערקרימט דאָס מויל בעת כעס אָדער אויפרעגונג].

distract' *v.* (דיס-טרעקט') אָבציהען אָדער אָבנייגען די אויפמערקזאַמקייט פון עפּעס; צושטרייען, צומישען, פערפּלאָנטע-רען; מאַכען אויסער זיך, משוגע מאַכען.

distrac'ted *a.* (דיס-טרעק'-טעד) צו-מישט, פערפּלאָנטערט; צושטרייט; משוגע.

distrac'tedly *adv.* (דיס-טרעק'-טעד-לי) אונרוהיג, צומישט; ווי אַ משוגע'נער.

distrac'tedness *n.* (דיס-טרעק'-טעד-נעס) צומישטקייט, משוגעת, וואַהנזיניג-קייט.

distrac'ted with pas'sion (דיס-טרעק'-טעד הוויטה פּעש'-אַן) אויסער זיך פון אויפגערעגטקייט.

distrac'ter *n.* (דיס-טרעק'-טער) דער שטערער, דער בעאונרוהיגער; איינער וואָס צומישט אָדער פערפּלאָנטערט.

distrac'tible *a.* (דיס-טרעק'-טיבל) וואָס קען צומישט ווערען.

distrac'tion *n.* (דיס-טרעק'-שאַן) צו-מישטקייט, צושטרייטקייט; אויפגערעגט-קייט, משוגעת; אונרוהיגקייט; אונאָרד-נונג; דאָס וואָס צומישט, צושטערט אָדער מאַכט אַן אונאָרדנונג.

distrac'tive *a.* (דיס-טרעק'-טיוו) צו-מישענד; ברייענגענד אין אונאָרדנונג.

distrain' *v.* (דיס-טריין') אי-צונעהמען אַ מענעמס מטלטלין פאַר אַ חוב אָדער אַלס משכון.

distrai'nable *a.* (דיס-טריי'-נעבל) וואָס קען צוגענומען ווערען פאַר אַ חוב אָדער אַלס משכון.

distrai'ner *n.* (דיס-טריי'-נער) איינער וואָס נעהמט צו אימעצענס מטלטלין פאַר אַ חוב אָדער אַלס משכון.

distrain'ment *n.* (דיס-טריינ'-מענט) דאָס משכונ'ען אָדער דאָס גע'משכונ'ט ווע-רען.

distrai'nor *n.* (דיס-טריי'-נאָר) ז. *distrainer*

distraint' *n.* (דיס-טריינט') דאָס נעהמען אין משכון, דאָס משכונ'ען.

distrait' *a.* (דיס-טריי') צו-צוטראַגען, צושטרייט.

distraught' *a.* (דיס-טראָהט') צוטראַ-גען, צושטרייט, צומישט.

distress' *n. and v.* (דיס-טרעס') שמערץ; פּיין, אַנגסט; אונגליק, עלענד; נויט; דאָס משכונ'ען, דאָס אַרויפלעגען אַן אַרעסט אויף זאַכען; פּייניגען, קוועלען; אונגליקליך מאַכען; אַריינברייינגען אין נויט; משכונ'ען, אַרויפלעגען אַן אַרעסט אויף זאַכען.

distressed' *a.* (דיס-טרעסט') פער-דאַגה'ט; אונגליקליך; עלענד; יאָמערליך; מיזעראַבעל.

distressed' for mon'ey (דיס-טרעסט' פאָר מאַנ'-אי) אין געלד-נויט.

distressed'ness *n.* (דיס-טרעסט'-נעס)

דאס זיין געפייניגט אדער געקוועלט; דאס זיין אין גרויס פיין אדער עלענד.

distress'ful *a.* (דיס-טרעס'-פול) יאמערליך, אומגליקליך; פיינליך; עלענד.

distress'fully *adv.* (דיס-טרעס'-פול-אי) אויף א יאמערליכען, עלענדען אדער פיינליכען אופן; אומגליקליך, פיינליך.

distress'ing *a.* (דיס-טרעס'-אינג) פייניגענד, קוועלענד; וואס פעראורזאכט גרויס פיין אדער שמערצען.

distress'ingly *adv.* (דיס-טרעס'-אינג-לי) אויף א שמערצליכען אדער פיינליכען אופן.

distress' sale (דיס-טרעס' סייל) אן אויספערקויף פון זאכען כדי צו בעצאהלען די בעלי=חובות.

distress' war'rant (דיס-טרעס' הוואר'-ענט) א בעפאלמעכטיגונג פון א ריכטער ארויפצולעגען אן ארעסט אויף זאכען פאר א חוב.

distrib'utable *a.* (דיס-טריב'-יו-טעבל) וואס קען אויסגעטיילט ווערען, וואס קען פערטיילט ווערען; וואס קען אויסגעשפרייט ווערען.

distrib'utary *a.* (דיס-טריב'-יו-טע-רי) פערטיילבאר, אויסטיילבאר; וואס איז צום פערטיילען.

distrib'ute *v.* (דיס-טריב'-יוט) פערטיילען, אויסטיילען; פאנאנדערלעגען, פאנאנדערשטעלען; אויסשפרייטען; געבען צדקה; פאנאנדערווארפען דרוקשריפט אין די שריפט=קעסטלעך נאכדעם ווי דער זאץ איז מעהר ניט נויטיג; איינטיילען אדער ארדנען אין קלאסען, מינים אדער גאטונגען.

distrib'uter *n.* (דיס-טריב'-יו-טער) אן אויסטיילער, א פערטיילער; אן אבלעגער [איינער וואס ווארפט פאנאנדער אין א דרוקעריי דעם אויסגענוצטען זאץ אין די שריפט=קעסטלעך]; דער טייל פון א זעץ=מאשין, וואס טיילט פאנאנדער אויף זייערע פלעצער די מאטריצען [בוכשטאבען פורמס] אויף זייערע ערטער.

distrib'uting roll'er (דיס-טריב'-יו-טינג ראול'-ער) די וואלצע אין א דרוקמאשין, וועלכע טראגט אן די דרוק=פארב אויף דער דרוק=שריפט.

distribu'tion *n.* (דיס-טרי-ביו'-שאן) די אויסטיילונג אדער פערטיילונג; דאס איינטיילען אדער ארדנען אין קלאסען, מינים אדער גאטונגען; דאס אויסשפרייטען אדער פערשפרייטען; דאס פאנאנדערווארפען אויסגענוצטע דרוק=שריפט אין די שריפט=קעסטלעך.

distribu'tional *a.* (דיס-טרי-ביו'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אויסטיילונג אדער פערטיילונג; וואס איז שייך צו דער פערטיילונג אדער אויסשפרייטונג פון חיות אין פערשיעדענע ערד=טיילען.

distrib'utive *a.* (דיס-טריב'-יו-טיוו) אויסטיילענד.

distrib'utive ad'jective (דיס-טריב'-יו-טיוו עד'-זשעק-טיוו) אן איינענשאפטס=ווארט, וואס בעציהט זיך אויף אייניגע הויפטווערטער צוזאמען, צ. ב.: *every, some, each.*

distrib'utively *adv.* (דיס-טריב'-יו-טיוו-לי) איינציגווייז, ניט צוזאמען.

distrib'utor *n.* (דיס-טריב'-יו-טאר) ז. *distributer*.

dis'trict *n. and v.* (דיס'-טריקט) א בעצירק, אן אויעזד; א געגענד; א פעלד, א געביעט [פון וויסענשאפט]; צוטיילען אין בעצירקען אדער אויעזדען.

dis'trict attor'ney (דיס'-טריקט ע-טויר'-ני) דער פראקוראר פון א בעשטימטען בעצירק.

dis'trict court (דיס'-טריקט קאורט) בעצירקס=געריכט.

dis'trict judge (דיס'-טריקט דזשאדזש) א בעצירקס=ריכטער; א ריכטער פון א נידריגען געריכט, וואס האט בלויז בעשטימטע פונקציאנען.

dis'trict school (דיס'-טריקט סקוהל) א לאנד=שוהל פאר די קינדער פון פערמער, וועלכע שטעהט אויסען שטאדט אויף דער איבערקרייצונג פון צוויי וועגען.

distrin'gas *n.* (דיס-טרינ'-געס) א בעפעהל צום שעריף צו פערהאלטען אימעצען אדער ארויפלעגען אן ארעסט אויף זיין אייגענטום.

distrust' *n. and v.* (דיס-טראסט') ניט טרויען, ניט האבען קיין צוטרויען; א מיסטרויען.

Germany's foreign policy is dictated by her **distrust** of her neighbors.

distrust'ful *a.* (דיס-טראסט'-פול) פערדעכטיג, אהן צוטרויען.

distrust'fully *adv.* (דיס-טראסט'-פול-אי) אויף א פערדעכטליכען, מיסטרויליכען אופן.

distrust'fulness *n.* (דיס-טראסט'-פול-נעס) די פערדעכטיגקייט, דאס מיסטרויען.

distrust'less *a.* (דיס-טראסט'-לעס) אהן חשד, פול מיט צוטרויען.

disturb' *v.* (דיס-טירב') 1. בעאונרוהיגען, שטערען, בעלעסטיגען; 2. צומישען, מאכען אן אונארדנונג.

1. The children **disturb** their father by their noisy playing. 2. The country is **disturbed** by revolution.

distur'bance *n.* (דיס-טויר'-בענס) די בעאונרוהיגונג; די אונרוה; די שטערונג; צומישטקייט, אונארדנונג; אונרוהען, א טומעל, א בונט.

distur'bance of mind (דיס-טויר'-בענס אוו מאינד) קאפ=פערדרעהעניש, אונרוהיגקייט, צוטומלעניש.

distur'ber *n.* (דיס-טויר'-בער) א פריעדען=שטערער, א אונרוהען=מאכער; איינער וואס שטערט דעם צווייטען אויסצונוצען זיין רעכט אויף עפעס.

dis'tyle *n. and a.* (דיס'-טאיל) א מין גאניק אדער גאלעריי וואס איז אפען פון איין זייט און בעדעקט מיט א דאך וואס האלט זיך אויף צוויי זיילען; וואס בעצייכענט אזא גאניק אדער גאלעריי.

disu'nion *n.* (דיס-יו'-ניאן) די אונאייניגקייט; פאנאנדערטיילונג, צושיידונג; מחלוקות, שטרייטיגקייט.

disu'nionist *n.* (דיס-יו'-ניאנ-איסט) דער וואס איז געגען איינינקייט; איינער פון די, וועלכע האבען פאר און אין דער צייט פון ציוויל=קריעג אין די פעראייניגטע שטאאטען [1861—65] געארבייט פאר צורייסען די פעראייניגונג פון די שטאאטען.

disunite' *v.* (דיס-יו-נאיט') פאנאנדערשיידען, פאנאנדערנעהמען אויף בעזונדערע טיילען; אנמאכען מחלוקות; אבטיילען זיך, אבזונדערען זיך.

disuni'ted *a.* (דיס-יו-נאי'-טעד) אונאייניג.

disuni'ter *n.* (דיס-יו-נאי'-טער) איינער וואס טיילט פאנאנדער; דער מחלוקה=מאכער.

disu'nity *n.* (דיס-יו'-ני-טי) אונאייניגקייט; דאס זיין פאנאנדערגעטיילט.

disu'sage *n.* (דיס-יו'-זעדזש) דער ניט=געברויך; די ענטוועהנונג.

disuse' *v.* (דיס-יוז') ניט מעהר געברויכען, ענטוועהנען.

disuse' *n.* (דיס-יוס') דער ניט=געברויך; די ענטוועהנונג.

disused' *a.* (דיס-יוזד') אויפגעהערט געברויכט צו ווערען; אבגעוועהנט.

disutil'ity *n.* (דיס-יו-טיל'-אי-טי) אין פאליטישער עקאנאמיע — דאס, וואס איז דער היפוך פון נוצליכקייט.

disu'tilize *v.* (דיס-יו'-טיל-איז) מאכען אומניצליך.

disweap'on *v.* (דיס-וועפ'ן) ענטוואפנען.

disyoke' *v.* (דיס-יאוק') בעפרייען פון א יאך.

ditch *n. and v.* (דיטש) א גראבען; א קאנאווע; מאכען א גראבען; ארומגראבען עפעס מיט א קאנאווע; טריקענען לאנד דורך אויסגראבען קאנאוועס וואס ציהען אב דאס וואסער; מאכען אריינצופליסען אדער אריינצולויפען.

ditch'-dog *n.* (דיטש'-דאג) א געפגרטער הונד [וואס ווערט אריינגעווארפען אין א גראבען].

ditch'er *n.* (דיטש'-ער) דער גרעבער, איינער וואס גראבט קאנאוועס.

ditch'-like *a.* (דיטש'-לאיק) ווי א גראבען אדער קאנאווע.

ditch'-wa'ter *n.* (דיטש'-הוואה'-טער) שטעהענדיג בלאטע=וואסער.

di'theism *n.* (דאי'-טהי-איזם) דיטעאיזם, דאס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון צוויי געטער.

di'theist *n.* (דאי'-טהי-איסט) א דיטעאיסט, איינער וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון צוויי געטער.

dith'yramb *n.* (דיטה'-אי-רעמב) א דיפיראמב, א לויב=געזאנג; ביי די אלטע גריכען — א ליידענשאפטליכע הימנע אדער שיר וואס פלעגט געזונגען ווערען אין כבוד באקכוס, דעם גאט פון וויין.

dithyram'bic *n. and a.* (דיטה-אי-רעמ'-ביק) אין דער פארם פון א דיפיראמב; א דיפיראמב. ז. *dithyramb*

dithyram'bus *n.* (דיטה-אי-רעמ'-באס) ז. *dithyramb*.

dit'okous *a.* (דיט'-א-קאס) אין זאאלאגיע — וואס בריינגט א צווילינג, וואס האט צוויי קינדער מיט אמאל; וואס לעגט צוויי אייער.

di'tone *n.* (דאי'-טאון) דער אינטערוואל אדער די צווישען=צייט פון צוויי פעראייניגטע טענער אין מוזיק.

dittan'der *n.* (די-טענ'-דער) דאס פעפער=גראז [א מין ביטער גראז וואס וואקסט אויף א זאלציגען באדען. מען פלעגט עס אמאל ברויכען אנשטאט פעפער].

dit'tany *n.* (דיט'-ע-ני) א קליינע שמעקענדע אמעריקאנער גראז וואס וואקסט אין די שטאאטען נעבען דעם אטלאנטישען אקעאן.

dit'to *n., v. and adv.* (דיט'-או) דיטא, דאס זעלביגע, די זעלביגע זאך; א דופליקאט; א גאנצער קאסטיום [א ראק, זשילעט און הויזען] פון דעמזעלביגען צייג אדער פון זעלביגען קאליר; א ווארט וואס ווערט געברויכט אויסצומיידען ווידערהאלונגען [אין רעכנונגען ווערט מייסטענס דאס ווארט "דיטא" בעצייכענט מיט א שטריכעלע (—) אדער מיט צוויי קאמאס („)]; מאכען א דופ-

ליקאט, מאכען א פאר; ווי פריהער, אויף דעמזעלבען שטייגער; אויך.

dit'to-suit *n.* (דיט'-או-סוט) א קאס־טום [א ראק, זשילעט און הויזען פון דעמזעלבען צייג אדער קאליר].

dit'ty *n. and v.* (דיט'-אי) א געזאנג, א ליעדעל; זינגען.

dit'ty-bag *n.* (דיט'-אי-בעג) א קליין זעקעלע וואס מאטראזען ברויכען צו האל־טען זייערע נייה־געצייג [נאדלען, פאדים א. ד. ג.].

diure'sis *n.* (דאי-יו-רי'-סיס) א קראנק־הייט וואס בעשטעהט אין אויסטיילען צו־פיעל אורין [השתנה].

diuret'ic *n. and a.* (דאי-יו-רעט'-איק) וואס רופט ארויס השתנה; א מיטעל ארויסצורופען השתנה.

diuret'ical *a.* (דאי-יו-רעט'-אי-קעל) אין מעדיצין — וואס רופט ארויס השתנה.

diur'nal *n. and a.* (דאי-אויר'-נעל) וואס איז שייך צום טאג אדער צו דער צייט פון טאג; טעגליך, וואס עס טרעפט יעדען טאג; וואס דויערט נור איין טאג; וואס ערשיינט אדער ווייזט זיך ארויס אין דער צייט פון טאג; דער קאטוילי־שער געבעט־בוך [סדור תפלות]; די טאג־רויב־פויגעל [אין געגענזאץ צו די נאכט־רויב־פויגעל]; איינע פון די באבע־לעך אדער שמעטערלינגע וואס פליהען נור ביי טאג.

diur'nally *adv.* (דאי-אויר'-נעל-אי) יעדען טאג.

diurna'tion *n.* (דאי-אויר-ניי'-שאן) דאס רוהען אדער שלאפען ביי טאג [ווע־גען פויגלען, חיות א. ז. וו. וואס ווייזען זיך נור ביי נאכט, ווי די פלעדער־מויז].

di'va *n.* (די'-ווא) א פרימאדאנא, אן אויסגעצייכענטע זינגערין.

divaga'tion *n.* (דאי-ווע-גיי'-שאן) דאס אבקעהרען זיך אדער דאס פערגעהען פון א זייט.

di'valent *a.* (דאי'-וויי-לענט) ז. *bivalent*

divan' *n.* (די-ווען') דיוואן [דער העכ־סטער רעגירונגס־ראטה אין טירקיי]; די ראטהס־פערזאמלונג; די ראטהס־שטוב; א געריכטס־הויז; א קאפע־הויז; א צימער צום רויכערן; א דיוואן, א מין קאנאפע אדער סאפא; א בוך, א זאמלונג פון שירים פון איין פערפאסער.

divapora'tion *n.* (דאי-וועפ-א-ריי'-שאן) דאס אבדאמפפען, דאס אויספארען דורך היץ.

divar'icate *a. andv v.* (דאי-ווער'-אי-קייט) פאנאנדערשפרייטען, פאנאנדער־צווייגען; ווייט אבשטעהן איינע פון די אנדערע; אין באטאניק — וואס האט פא־נאנדערגעשפרייטע צווייגען; אין זאאלא־גיע — מיט פאנאנדערגעשפרייטע אברים [ווי א אינזעקט מיט פאנאנדערגעשפריי־טע פליגלען].

divar'icately *adv.* (דאי-ווער'-אי-קייט-לי) אויף א פאנאנדערגעשפרייטען שטייגער.

divarica'tion *n.* (דאי-ווער-אי-קיי'-שאן) דאס פאנאנדערצווייגען זיך; דאס פאנאנדערטיילען זיך אין טיילען אדער צווייגען.

dive *v.* (דאיוו) זיך איינטונקען, אבטונקען, ארונטערגעהן אונטער'ן וואסער; טיעף אריינדרינגען אין א זאך אדער עניין; דאס אבטונקען זיך; א פלוצליכער שטורץ; א פרעהליך הייזעל.

dive away' (דאיוו ע-הוויי') זיך אוועק־גנב'נען.

dive in'to (דאיוו אינ'-טו) טיעף אריינ־דרינגען.

di'ver *n.* (דאי'-ווער) איינער וואס לאזט זיך ארונטער אונטער'ן וואסער צו זוכען פערעל און אנדערע זאכען; איינער וואס דרינגט אריין טיעף אין א עניין; די פויגעל־טויכער [געוויסע מינים פויגלען, ווי די פינגווינס א. ד. ג., וועלכע צייכענען זיך אויס דערמיט, וואס זיי האלטען זיך א לאנגע צייט אונטער'ן וואסער]; א קעשענע־גנב.

Diver

diverge' *v.* (די-ווארדזש') אבטיילען זיך איינע פון די אנדערע; פאנאנדערגעהן זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען; פאנאנ־דערצווייגען זיך; אונטערשיידען זיך, ניט זיין אזוי ווי עס פאדערט זיך; אין מא־טעמאטיק — ווערען אלץ גרעסער און גרעסער ביז אין דער אונענדליכקייט.

diver'gence *n.* (די-וואר'-דזשענס) דאס פאנאנדערטיילען זיך; די פאנאנדער־צווייגונג; דאס פאנאנדערגעהן זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען.

diver'gency *n.* (די-וואר'-דזשענ-סי) דאס זיין פאנאנדערגעטיילט; דאס זיין פאנאנדערגעשפרייט אין פערשיעדענע ריכ־טונגען.

diver'gent *a.* (די-וואר'-דזשענט) אב־געטיילט איינע פון די אנדערע; וואס צי־העו זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען; וואס שטעהט אב ווייט.

They hold **divergent** opinions on political questions.

diver'ging *a.* (די-וואר'-דזשינג) זיך צושיידענד, אבווייכענד.

di'vers *a.* (דאי'-ווערז) עטליכע; פער־שיעדענע.

diverse' *a.* (די-ווארס') פערשיעדענ־ארטיג, ניט גלייך.

diverse'ly *adv.* (די-ווארס'-לי) דורך פערשיעדענע וועגען אדער ריכטונגען.

di'ver's hel'met (דאי'-ווערז העל'-מעט) דער טויכער־העלם [וואס די וואסער־טוי־כער טהוען אן אויף'ן קאפ, ווען זיי לאזען זיך ארונטער אונטער'ן וואסער].



Diver's Helmet

diver'sifiable *a.* (די-וואיר'-סי-פאי-עבל) וואס קען געמאכט ווערען אויף פער־שיעדענע ארטען.

diversifica'tion *n.* (די-וואיר-סי-פי-קיי'-שאן) דאס פערענדערען די פארמען אדער די אייגענשאפטען; דאס מאכען פערשיעדענארטיג.

diver'sified *a.* (די-וואיר'-סי-פאיד) וואס צייכענט זיך אויס מיט פערשיעדענ־ארטיגקייט.

diver'siform *a.* (די-וואיר'-סי-פארם) פערשיעדענפערמיג.

diver'sify *v.* (די-וואיר'-סי-פאי) מא־כען פערשיעדענארטיג.

diver'sion *n.* (די-וואיר'-שאן) 1. די אבקעהרונג, אבווענדונג; אבווענדונג פון שונא'ס אויפמערקזאמקייט; דאס וואס ווענדעט אב; 2. דאס וואס ווענדעט אב פון אן ערנסטער בעשעפטיגונג, ערהאלונג, צייטפערטרייב.

1. The attack on the enemy was made to create a **diversion**. 2. Chess-playing is a good **diversion**.

diver'sity *n.* (די-וואיר'-סי-טי) פער־שיעדענהייט, פערשיעדענארטיגקייט; דער חילוק.

There is a **diversity** of opinion in America on the tariff question.

divert' *v.* (די-וואירט') 1. אבקעהרען, בייטען די ריכטונג; ווענדען זיך צו אן אנדער פונקט אדער צוועק; 2. אבקעהרען זיך פון אן ערנסטער בעשעפטיגונג, זיך אמוזירען, צייט פערטרייבען.

1. His visit **diverted** my attention from my work.

diver'ter *n.* (די-וואיר'-טער) דער אדער דאס וואס ווענדעט אב פון אן ערנ־סטער בעשעפטיגונג; דער אדער דאס וואס אמוזירט.

diver'ting *a.* (די-וואיר'-טינג) וואס אמוזירט, וואס מאכט לוסטיג.

diver'tingly *adv.* (די-וואיר'-טינג-לי) אויף אן אמוזירענדען אופן.

diver'tisement *n.* (די-וואיר'-טיז-מענט) בעלוסטיגונג, צייטפערטרייב; א דיווערטיסמענט, א מין באלעט אדער אן אנדער לוסט־שפיעל, וואס ווערט געגעבען אין א טעאטער צווישען די אקטען.

divest' *v.* (די-וועסט') אויסטהאן, אוועק־נעהמען, בערויבען.

divide' *n. and v.* (די-וואיד') טיילען, צוטיילען, אבטיילען, פאנאנדערטיילען, אויסטיילען; אין מאטעמאטיק — מאכען א חילוק; זיין דער טיילער פון א געווי־סער צאהל; אנמאכען מחלוקות; אין לא־גיק — פאנאנדערלעגען א געדאנק אדער זאץ אויף זיינע בעזונדערע עלעמענטען; ערקלערען; זיך צוטיילען; פאנאנדערפא־לען אין בעזונדערע טיילען אדער גרופען; זיין אין מחלוקות; שטימען פאר עפעס אין בעזונדערע גרופען; צאהלען דיווי־דענד; אין געאגראפיע — א בערג־רוקען, וועלכער טיילט אב אין א לאנד איין טייך מיט אלע זיינע צווייגען פון דעם צווי־טען; דאס צוטיילען.

divi'ded *a.* (די-וואי'-דעד) געטיילט, פאנאנדערגעטיילט, פאנאנדערגענומען.

divi'dedly *adv.* (די-וואי'-דעד-לי) דורך צוטיילונג.

div'idend *n.* (דיוו'-אי-דענד) א סומע וואס איז בעשטימט צום צוטיילען; דיווי־דענד, דער יעהרליכער פראפיט וואס ווערט צוטיילט צווישען די מיטגליעדער פון אן אקציען־געזעלשאפט לויט דער צאהל אק־ציען וואס יעדעס מיטגליעד האט; דער טייל פון פראפיט, וואס יעדעס מיטגליעד פון דער אקציען־געזעלשאפט בעקומט נאך דער צוטיילונג; אין מאטעמאטיק — דער דיווידענדוס [די צאהל אין חילוק וואס דארף צוטיילט ווערען].

div'idend war'rant (דיוו'-אי-דענד וואר'-ענט) דער קופאן, מיט וועלכען א מיטגליעד פון אן אקציען־געזעלשאפט בעקומט זיין דיווידענד.

divi'der *n.* (די-וואי'-דער) דער אדער דאס וואס טיילט פאנאנדער; א צוטיילער;

איינער וואס מאכט אן פירוד=לבבות; אין מאטעמאטיק — דער דיוויזאר [די צאהל אין חילוק וועלכע צוטיילט]; א צירקעל; א מין מעסער אין דער פארם פון א קליין אין א שנייד=מאשין וואס שיידט אב פון די זאנגען די קערנדלעך, וועלכע מען דארף אראבנעהמען פון די, וועלכע מען דארף נאך לאזען שטעהן.

divi'ding-com'passes *n.* (די-וואי'-דינג-קאמ'-פעס-עז) א טייל=צירקעל [א שפיציג צירקעל וואס ווערט געברויכט צו טיילען ליניען, קרייזען א. ד. ג.].

divi'dingly *adv.* (די-וואי'-דינג-לי) דורך טיילונג.

divi'ding-machine' *n.* (די-וואי'-דינג-מע-שין') אן אפאראט צו מאכען איינטיילונגען אויף מאטעמאטישע אינסטרומענטען.

divina'tion *n.* (דיוו-אי-ניי'-שאן) די וואהרזאגונג, די קונסט פון טרעפען וואס עס וועט זיין אין דער צוקונפט אדער וואו עס געפינט זיך א בעהאלטענע זאך; דאס ברויכען כישוף צו טרעפען עפעס; די פראפעצייאונג; אין אלט=רוימישער געריכטס=פיהרונג — דאס אויסקלייבען איינעם פון עטליכע מענשען, וועלכע קומען מיט פערשיעדענע אנקלאגען אויף איין פערזאן, אז דער אויסגעקליבענער זאל רעדען אין נאמען פון אלעמען; די רעדע פון דיעזען אויסגעקליבענעם.

div'inator *n.* (דיוו'-אי-ניי-טאר) דער וואהרזאגער, דער וואס זאגט פאר, וואס עס וועט זיין אין דער צוקונפט.

divin'atory *a.* (די-ווינ'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צו וואהרזאגונג; טרעפענד, פארויסזאגענד.

divine' *n., a. and v.* (די-וואין') 1. געטליך, הימליש, העכער פון אלץ, הייליג; וואס איז שייך צו געטליכקייט, טעאלאגיש; 2. א טעאלאג, א גייסטליכער; 3. וואהרזאגען, טרעפען וואס שפעטער וועט זיין; זיין א וואהרזאגער אדער טרעפער; פארויסזאגען; טרעפען.

2. He is reputed to be a learned **divine**. 3. A good nurse **divines** the patient's wishes and needs.

divine' assis'tance (די-וואין' ע-סיס'-טענס) אין פילאזאפיע — די לעהרע, אז גייסט און מאטעריע געפינען זיך ניט אין דירעקטען צוזאמענהאנג און זיינען גאר ענטגעגענגעזעצט און אז זייער צוזאמענהאנג און זייער געמיינזאמע ווירקונג קומט דורך דער אריינמישונג פון דער געטליכער קראפט.

divine'ly *adv.* (די-וואינ'-לי) אויף א געטליכען שטייגער; דורך געטליכקייט; אויף דער אלערהעכסטער שטופע.

divine'ness *n.* (די-וואינ'-נעס) געטליכקייט.

divine' of'fice (די-וואין' אפ'-איס) דאס בעשטימטע טעגליכע גאטעס=דיענסט; די צייט פון די בעשטימטע גאטעס=דיענסטע [ביי די קריסטען].

divi'ner *n.* (די-וואי'-נער) דער וואהרזאגער, דער טרעפער.

divine' right (די-וואין' ראיט) דאס געטליכע רעכט, די בעהויפטונג, אז די קעניגליכע מאכט איז בעשטימט פון גאט און איז אונאבהענגיג פון דעם ווילען פון די רעגיערטע; אין דער קאטוילישער קירך — די אנערקענונג פון דעם געטליכען רעכט פון אייניגע קירכען=בעאמטע אדער פון אייניגע פארמען פון קירכען=פערוואלטונג.

divine' ser'vice (די-וואין' סויר'-וויס) גאטעס=דיענסט.

di'ving-bell *n.* (דאי'-ווינג-בעל) א טויכער=גלאק, אן איבערגעקעהרטער צילינדער אין דער פארם פון א גלאק, אין וועלכען מען לאזט זיך ארונטער אונטער'ן וואסער [די לופט אין דעם טויכער=גלאק דערלאזט ניט, אז אהין זאל אריינקומען וואסער, און אזוי ווי די לופט אין גלאק ווערט אלע מאל אבגעפרישט דורך א רעהר, קען דער טויכער גאנץ בעקוועם בלייבען אונטער'ן וואסער].



Diving-bell

di'ving-dress *n.* (דאי'-ווינג-דרעס) וואסער=זיכערע [וואס לאזען ניט דורך קיין וואסער] קליידער וואס עס טראגען די וואסער=טויכער.



Diving-dress

divi'ning-rod *n.* (די-וואי'-נינג-ראד) דער צויבער=שטאק אדער צויבער=רוט.

divin'ity *n.* (די-ווינ'-אי-טי) געטליכקייט; גאטהייט; דאס וואס איז געטליך; די לעהרע וועגען גאט, טעאלאגיע.

Divin'ity *n.* (די-ווינ'-אי-טי) גאט, דער רבונו של עולם.

div'inize *v.* (דיוו'-אי-נאיז) פערגעטערען.

divisibil'ity *n.* (די-וויז-אי-ביל'-אי-טי) די טיילבארקייט; אין אריפמעטיק — דאס קענען צוטיילט ווערען אהן א רעשט.

divis'ible *a.* (די-וויז'-איבל) טיילבאר, וואס קען צוטיילט ווערען; וואס קען זיך צוטיילען אהן א רעשט.

divis'ibleness *n.* (די-וויז'-איבל-נעס) ז. *divisibility*.

divis'ibly *adv.* (די-וויז'-אי-בלי) דורך טיילבארקייט.

divi'sion *n.* (די-וויזש'-אן) די פאנאנדערטיילונג, דאס צוטיילען, די טיילונג; די אבטיילונג; דאס זיין ניט אייניג, מחלוקות, קריעג; אין מיליטער — א דיוויזיע סאלדאטען; אן אטריאד קריעגס=שיפען; אין מאטעמאטיק — חילוק [די רעכנונגס=ארט, וועלכע בעווייזט וויפיעל מאל איין צאהל ענטהאלט זיך אין דער צווייטער]; דאס וואס צוטיילט; אין מוזיק — טרעלען, א מעלאדיע וואס בעשטעהט פון צוויי טענער, וועלכע בייטען זיך איינארטיג און שנעל איינער נאך דעם אנדערען.

divi'sional *a.* (די-וויזש'-אנ-על) וואס איז שייך אדער וואס דיענט צו דער טיילונג; וואס בעלאנגט צו א דיוויזיע [סאלדאטען].

divi'sionary *a.* (די-וויזש'-אנ-ע-רי) ז. *divisional*.

divi'sion-mark *n.* (די-וויזש'-אן-מארק) אין מוזיקאלישע נאטען — א האלב=אויסגעבויגענער שטריך, וועלכער בעצייכענט א געוויסען ריטם פון טענער.

divi'sion of la'bor (די-וויזש'-אן אוו ליי'-באר) ארבייטס=טיילונג [די אויסארבייטונג פון א פראדוקט אזוי, אז יעדער טייל זיינער ווערט בעזונדער אויסגעארבייט פון א בעזונדערען מענשען].

divi'sion of the ques'tion (די-וויזש'-אן אוו טהי קהוועס'-טשאן) אין א געזעצגעבערישער קערפערשאפט — די צוטיילונג פון א געוויסען געזעץ=פראיעקט אין בעזונדערע פונקטען און דאס שטימען וועגען יעדען פונקט בעזונדער.

divi'sive *a.* (די-וואי'-סיוו) טיילענד, וואס טיילט פאנאנדער; וואס פעראורזאכט אונאייניגקייט אדער מחלוקות.

divi'sively *adv.* (די-וואי'-סיוו-לי) דורך טיילונג; אנמאכענדיג מחלוקות.

divi'sor *n.* (די-וואי'-זאר) דער טיילער, די צאהל וועלכע טיילט [אין חילוק].

divorce' *n. and v.* (די-וואורס') א געזעצליכע שיידונג צווישען מאן און פרוי, א גט; א פאנאנדערשיידונג, א פאנאנדערטיילונג, אן אבזונדערונג; שיידען, גט'ן; פאנאנדערטיילען, אבשיידען, אבזונדערען.

divor'ceable *a.* (די-וואור'-סעבל) וואס קען געשיעדען אדער אבגעזונדערט ווערען.

divorcee' *n.* (די-וואור-סיע') א גע'גט'ע פרוי.

divorce'ment *n.* (די-וואורס'-מענט) א שיידונג, א גט.

divor'cer *n.* (די-וואור'-סער) איינער אדער עטוואס וואס פעראורזאכט א שיידונג אדער א גט.

divor'cible *a.* (די-וואור'-סיבל) ז. *divorceable*.

divor'cive *a.* (די-וואור'-סיוו) וואס האט די מאכט צו צושיידען.

div'ot *n.* (דיוו'-אט) א פלאכטע טארף=ערד אדער גראז=ערד וואס ווערט בענוצט צו בעדעקען א דאך פון א לאנד=הייזעל.

divo'to *a.* (די-וואו'-טא) מיט אנדאכט, פייערליך, ערנסט, טיעף געריהרט [הויפטזעכליך אין מוזיק].

divulga'tion *n.* (דיוו-אל-גיי'-שאן) א בעקאנטמאכונג, א פערברייטונג.

divulge' *v.* (די-וואלדזש') פערעפענטליכען אדער בעקאנטמאכען עטוואס וואס איז געהאלטען געווארען אין געהיים.

She **divulged** the secret intrusted to her.

divul'ger *n.* (די-וואל'-דזשער) איינער וואס פערעפענטליכט; איינער וואס פערעפענטליכט א געהיימניס.

divul'sion *n.* (די-וואל'-שאן) דאס אבּרייסען אדער אוועקרייסען.

divul'sor *n.* (די-וואל'-סאר) א כירורגישער אינסטרומענט פאנאנדערצוציהען אן עפנונג.

diz'en *v.* (דיזן) בעקליידען, בעציערען, בעפוצען; ארויפלעגען די פלאקס אויף'ן שפינדעל צום שפינען.

diz'zily *adv.* (דיז'-אי-לי) אויף א שווינדעלדיגען אופן; צומישט, צוטומעלט ווי פון קאפ=שווינדעל.

diz'ziness *n.* (דיז'-אי-נעס) שווינדעל אין קאפ.

diz'zy *a. and v.* (דיז'-אי) שווינדלעדיג; צומישט; צוטומלט; מאכען שווינדלדיג [דעם קאפּ].
djinn *n.* (דזשין) ז. *djinnee*
djin'nee *n.* (דזשינ'-אי) א מין וועזענס וואס, לויט דער מאכמעדאנישער מיטאלאגיע, זיינען בעשאפען געווארען צוויי טויזענד יאהר פאר אדם הראשון און זיינען פערניכטעט געווארען פון גאט, ווייל זיי האבען ניט געוואלט זיך אונטערווארפען אונטער אדם הראשון'ס הערשאפט.
D. Lit. ראשי תבות פון די ווערטער *Doctor of Literature or Letters* [א געלעהרטען-טיטול פאר א קענער אין ליטעראטור].
D. M. אבקירצונג פון *Doctor of Music* אדער פון *destra mano* (דעס'-טרא מא'-נא) [אין מוזיק — א צייכען צו שפּיעלען פיאנא מיט דער רעכטער האנד].
D. Mus. אבקירצונג פון די ווערטער *Doctor of Music*
do. אבקירצונג פון *ditto*
do *n. and v.* (דו) טהאן, מאכען, ערפילען, אויספיהרען, דורכפיהרען, בעזארגען; פערארוזאכען; אויסריכטען; ענדיגען; דיענען, ערפילען אן אויפגאבע; האנדלען, זיין טהעטיג; זיך אויפפיהרען; אנגעהן; האבען ערפאלג; זיך בעפינדען, זיין אין א [גוטען אדער שלעכטען] געזונד-צושטאנד; זיין גענוג, זיין גוט, זיין צוגעפאסט; בעטריגען, בעשווינדלען; לעגען, אוועקלעגען; א שפּיצעל, א בעטרוג, א שווינדעל [אויסער דעם ווערט דאס ווארט געברויכט: אלס הילפס-צייטווארט ביי פראגען און פערניינונגען, אלס אויסדרוק פון בעפעהל אדער ביטע, אום אונטערצושטרייכען א פערלאנג; אויך פערנעהמט דאס ווארט דעם פלאץ פון יעדען צייטווארט, ווען מען וויל אויסמיידען ווידערהאלונגען].
do *n.* (דאו) די ערשטע נאטע אין מוזיק.
do'able *a.* (דו'-עבל) אויספיהרבאר.
do a deed (דו ע דיעד) טהאן עפּעס גרויסעס.
do'-all *n.* (דו'-אהל) א דיענער אדער א בעאמטער וואס טהוט אלע מעגליכע ארבייטען.
do a pic'ture (דו ע פּיק'-טשור) מאהלען א בילד.
doat *v.* (דאוט) ז. *dote*
do a task (דו ע טעסק) טהאן די נויטיגע ארבייט; ערפילען א פּפליכט; מאכען אן אויפגאבע.
Children at school are taught to do their tasks cheerfully.
do away' (דו ע-הוויי') אויפגעבען, אוועקלעגען אן א זייט; בעזייטיגען, אבשאפען, אבמעקען, פערניכטען.
dob'ber *n.* (דאב'-ער) דער קארק אויף דער ווענטקע; א טויך-ענטעל. ז. *dabchick*
dob'bie *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*
dob'by *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*
dob'by-machine' *n.* (דאב'-אי-מע-שין') אן אפּאראט צו וועבען פערשיעדענע קליינע אוזארען.
dob'chick *n.* (דאב'-טשיק) ז. *dabchick*
do'bie *n.* (דאו'-בי) א וואהנונגס-ארט, א וואהנונג.
docibil'ity *n.* (דאס-אי-ביל'-אי-טי) דאס לאזען זיך לערנען; דאס זיין געהארזאם.
doc'ile *a.* (דאס'-איל) וואס לאזט זיך לערנען; וואס לערענט לייכט; געהארזאם, נאכגיעביג, וואס לאזט זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.
docil'ity *n.* (דא-סיל'-אי-טי) דאס לאזען זיך לערנען; די פעהיגקייט לייכט צו לערנען; געהארזאמקייט, נאכגיעביגקייט; דאס לאזען זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.
doc'imacy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) ז. *docimasy*
docimas'tic *a.* (דאס-אי-מעס'-טיק) וואס בעווייזט מיט פּראבעס אדער עקספּערימענטען; וואס איז שייך צו פּרובירען מעטאלען.
doc'imasy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) דאס פּרובירען רויהע מעטאלען; די פּרובירקונסט; א כעמישע אונטערזוכונג פון מעדיציון און גיפטען; אין אלטען גריכענלאנד [און, הויפּטזעכליך, אין דער שטאדט אטהען] — אן עפענטליכע אונטערזוכונג וועגען די יעניגע וואס האבען געקראגען א קהל'שען אמט אדער וועגען די יונגע לייט, וואס האבען דערגרייכט א געוויסען עלטער און האבען געזאלט אנערקענט ווערען פאר פול-בערעכטיגטע בירגער.
docimol'ogy *n.* (דאס-אי-מאל'-א-דזשי) די לעהרע ווי צו פּרובירען מעטאלען.
doc'ity *n.* (דאס'-אי-טי) ז. *docility*
dock *n. and v.* (דאק) אמפּערקרויט אדער שטשאוו; דער אבגעהאקטער עק פון א פערד אדער אן אנדער חיה; דער הארטער טייל פון אן עק פון א חיה; א דאק, א פּלאץ ביים ברעג פון טייך אדער ים, וואו שיפען שטעלען זיך אב, ווערען פּערריכטעט און ווערען אנגעלאדען אדער אויסגעלאדען; א פּלאץ אין געריכט, וואו עס זיצט דער אנגעקלאגטער; אבשניידען, קירצער מאכען, פערקלענערען, אבהאקען, פערניכטען; אריינפיהרען א שיף אין א דאק.
dock'age *n.* (דאק'-איידזש) אבקירצונג, פערקלענערונג, רעדוצירונג; בעקוועמליכקייטען אדער פּלאץ פאר שיפען אין א דאק; דאס אריינברייגען שיפען אין א דאק; דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון שיפען פאר געברויכען דעם דאק]. ז. *dock*
dock an account' (דאק ען ע-קאונט') ארונטערנעהמען פון חשבון.
dock'-dues *n.* (דאק'-דיוז) דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון א שיף פאר געברויכען דעם דאק].
dock'-du'ty *n.* (דאק'-דיו'-טי) ז. *dock-dues*
docked *a.* (דאקט) 1. אבגעקירצט, אבגעשניטען ווי מיט א שארפען מעסער; מיט אן אבגעשניטענעם עק; 2. אראבגערעכענט [פון שכירות].
1. The horse has a docked tail. 2. The clerk was docked for his absence.
dock'er *n.* (דאק'-ער) א מאשינקע צו שניידען קיכלעך אדער ביסקוויטען.
dock'et *n. and v.* (דאק'-עט) א קצור, א קורצער אינהאלט; א געריכטס-טאבעלע, וואו די פּארליעגענדע פּראצעסען זיינען פערשריבען אין דער ארדנונג, אין וועלכער זיי דארפען פּארקומען; א טאבעלע פון געריכטס-אורטיילע; א צעטעל אויף וואארע [מיט דער בעצייכנונג פון דעם זארט, מאס אדער צאהל, מיט דעם אדרעס פון דעם קויפער א. ד. ג.]; מאכען א קצור, גיבען א קורצען אויסצוג; ארויפלעגען א געריכטליכען פּערבאט צו פערקויפען אייגענטום, אום צו פּערזיכערען א חוב; איינשרייבען אין א געריכטס-ליסטע; ארויפקלעפּען א צעטעל אויף וואארע.
dock'-mas'ter *n.* (דאק'-מעס'-טער) דער אויפזעהער פון א דאק.
dock'-rent *n.* (דאק'-רענט) די אבצאהלונג פאר האלטען וואארע אויף א דאק.
dock'yard *n.* (דאק'-יארד) א מאגאזין אדער סקלאד אין א האפען וואו עס ווערען געהאלטען פערשיעדענע געגענשטענדע וואס זיינען נויטיג פאר שיפען; א פּלאץ אין א האפען וואו מען פּערריכטעט שיפען.
doc'tor *n. and v.* (דאק'-טאר) דאקטאר, א געלעהרטער; א לעהרער; דער העכסטער געלעהרטען-טיטול אין אן אוניווערזיטעט; א מעדיצינער; אין מאשינעריע — פּערריכטונגען, וואס רעגולירען די מאטעריאלען, מיט וועלכע די מאשין ארבייט; א צווייטע אדער א הילפס-דאמפּף-מאשין; א געטראנק, מיט וועלכען מען פעלשט ווינען; א קוכער אויף א שיף; דאקטארען, היילען, זיך היילען, נעהמען מעדיצינען; פּערריכטען, פּערלאטען, פּעלשען, פּערדארבען; פּראקטיצירען אלס דאקטאר; בעעהרען מיט'ן טיטול "דאקטאר".
doc'toral *a.* (דאק'-טא-רעל) וואס איז שייך צום טיטול אדער צו דער פּראפעסיאָן פון א דאקטאר.
doc'torate *n.* (דאק'-טא-רייט) דאקטאראט, דער טיטול אדער ראנג פון א דאקטאר.
doc'tor at law (דאק'-טאר עט לאה) דאקטאר יורי, דאקטאר פון יוריספּרודענץ [א טיטול געגעבען צו א קענער פון געזעצען].
doc'toress *n.* (דאק'-טאר-עס) א דאקטארין, א פרויענצימער א דאקטאר.
doc'tor-fish *n.* (דאק'-טאר-פיש) דער זעע-באדער, א מין ים-פיש פון די הייסע לענדער מיט שארפע בלישטשענדע שטעכלעך ארום עק [דיעזע שטעכלעך זיינען עהנליך צו די אפּעראציאנס-מעסערס פון א דאקטאר].
doc'tor of divin'ity (דאק'-טאר אוו די-ווינ'-אי-טי) א טיטול פון א געלעהרטען אין רעליגיאנס-וויסענשאפטען.
doc'tor of philos'ophy (דאק'-טאר אוו פי-לאס'-א-פי) דאקטאר דער פילאזאפיע [א טיטול פון א געלעהרטען אין געוויסע פאכען פון וויסענשאפט].
doc'tor of sci'ence (דאק'-טאר אוו סאי'-ענס) דאקטאר פון נאטור-וויסענשאפטען.
doc'torship *n.* (דאק'-טאר-שיפּ) ז. *doctorate*
doc'tress *n.* (דאק'-טרעס) ז. *doctoress*
doctrinaire' *n. and a.* (דאק-טרי-נעהר') א דאקטרינער, א סכאלאסטיקער, איינער וואס קוקט אויף אלץ פון שטאנדפונקט פון א שמאלער און איינזייטיגער טעאריע, ניט בעמערקענדיג אדער ניט לעגענדיג קיין אכטונג אויף די ווירקליכע פאקטען פון לעבען; דאקטרינעריש, פון אן ענג-טעארעטישען שטאנדפונקט.
doc'trinal *n. and a.* (דאק'-טרי-נעל) וואס איז שייך צו א דאקטרין אדער לעהרע; דאקטריניש, בעלעהרענד; וואס ענטהאלט אין זיך רעגעלען, איסורים און התרים; א טייל אדער א פונקט פון א דאקטרין אדער לעהרע.
doc'trinal disputa'tion (דאק'-טרי-

נעל דים פיו-טיי-שאן) א ויכוח איבער א וויסענשאפטליכען געגענשטאנד.

doc'trinally *adv.* (דאק'-טרי-נעל-אי) אין דער פארם פון א דאקטרין אדער טעאריע.

doctrina'rian *n.* (דאק-טרי-ניי'-רי-ען) ז. *doctrinaire*.

doctrina'rianism *n.* (דאק-טרי-ניי'-רי-ען-איזם) דער דאקטרינאריזם, די פרינציפען אדער האנדלונגען פון א דאקטרינער. ז. *doctrinaire*.

doc'trine *n.* (דאק'-טרין) א דאקטרין, א טעאריע ווענען א געוויסען פאליטישען אדער פילאזאפישען געגענשטאנד.

doc'trine of chan'ces (דאק'-טרין אוו טשענ'-סעז) די טעאריע ווענען מעגליכקייטען אדער די לעהרע ווענען די געזעצען, אונטער וועלכע עס זיינען אונטערגעווארפען די זאגנאנטע צופעליגע ערשיינונגען [ווי למשל, ווען צווישען 1000 לאטעריי בילעטען קען נור איינער געווינען און איך האב איין בילעט, דאן האב איך איין טויזענדטעל מעגליכקייט צו געווינען; ווען איך האב 10 בילעטען, דאן האב איך איין הונדערטעל מעגליכקייט צו געווינען א. ד. ג.].

doc'trine of dif'ference (דאק'-טרין אוו דיפ'-ע-רענס) די טעאריע ווענען אונטערשיעד צווישען קאטאליציזם און פראטעסטאנטיזם.

doc'trine of enu'merated pow'ers (דאק'-טרין אוו אי-ניו'-מע-ריי-טעד פאו'-ערז) די טעאריע, אז די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען גיט דער אלגעמיינער רעגיערונג נור די מאכט, וועגען וועלכער עס איז דייטליך אין איהר דערמאנט געווארען.

doc'ument *n. and v.* (דאק'-יו-מענט) א דאקומענט, א צייגניס, א פאפיער; בעזארגען מיט פאפירען; אונטערשטיצען מיט א דאקומענט.

documen'tal *a.* (דאק-יו-מענ'-טעל) ז. *documentary*.

documen'tary *a.* (דאק-יו-מענ'-טע-רי) דאקומענטאל, וואס געהערט צו בעווייזע אדער צייגניסע.

documen'tary ev'idence (דאק-יו-מענ'-טע-רי עוו'-אי-דענס) דאקומענטאלע אדער געשריבענע בעווייזען.

dod'der *n. and v.* (דאד'-ער) די פלאקס-זייד [אזא פלעכטענדע, קריכענדע פאראזיטען-פלאנצע אהן בלעטלעך]; זיך טרייסלען, שוידערען, ציטערען.


Dodder

dod'dered *a.* (דאד'-ערד) בעוואקסען מיט פלאקס-זייד. ז. *dodder*.

dod'dle *v.* (דאדל) געהן וואקלענדיג מיט ניט זיכערע טריט [ווי א קינד].

do dead (דו דעד) ארויסגעהן אין טויט-קאמפף.

dodec'agon *n.* (דאו-דעק'-ע-גאן) אין געאמעטריע — א פלעכע וואס האט 12 זייטען און צוועלף ווינקלען.

dodecag'onal *a.* (דאו-דע-קעג'-א-נעל) וואס האט 12 זייטען און 12 ווינקלען.

dodec'agyn *n.* (דאו-דעק'-ע-דזשין) א פלאנצע וואס האט 12 פעסטילען אדער ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecag'ynous *a.* (דאו-דע-קעדזש'-אי-נאס) אין באטאניק — וואס האט 12 פעסטילען אדער ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecahe'dral *a.* (דאו-דעק-ע-היע'-דרעל) צוועלף-זייטיג; וואס האט די פארם פון א דאדעקאעדער. ז. *dodecahedron*.

dodecahe'dron *n.* (דאו-דעק-ע-היע'-דראן) אין געאמעטריע — א דאדעקאעדער, א סאלידע פיגור וואס האט צוועלף גלייכע זייטען.

dodecan'der *n.* (דאו-דע-קענ'-דער) א פלאנצע מיט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען.

dodecan'drian *a.* (דאו-דע-קענ'-דרי-ען) אין באטאניק — וואס האט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecan'drous *a.* (דאו-דע-קענ'-דראס) ז. *dodecandrian*.

dodecasyl'lable *n.* (דאו-דעק-ע-סיל'-עבל) א ווארט וואס האט 12 זילבען.

dodge *n. and v.* (דאדזש) אבשפרינגען אן א זייט, אבקעהרען זיך, אויסדרעהען זיך; אויסווייכען; גנב'ענען זיך פון ארט צו ארט; פאלען אויף אן המצאה ווי אזוי אויסצואווייכען; א שווינדלערישע המצאה; א שפיצעל, א שטוקע.

dodg'ery *n.* (דאדזש'-ער-אי) א שפיצעל, א שטוקע.

do'do *n.* (דאו'-דאו) א דאדא אדער דראנטע [אזא פויגעל וואס האט אמאל עקזיסטירט אויף דעם אינזעל מאוריטיוס און איז אין גאנצען פערשוואונדען צו ענדע פון 17טען יאהרהונדערט].

Dodo

do du'ty for (דו דיו'-טי פאר) דיענען פאר איינעם, פערטרעטען, בענוצט ווערען אנשטאט אן אנדער זאך.
With the Chinese sticks **do duty for** spoons and forks.

doe *n.* (דאו) די נקבה פון א הירש, פון א האז אדער פון א קראליק.

do'er *n.* (דו'-ער) א טהוער, איינער וואס טהוט עפעס אדער וואס איז מיט עפעס בעשעפטיגט.

does (דאז) ער טהוט, זי טהוט. ז. *do*.

doe'skin *n.* (דאו'-סקין) די פעל פון א הירשין, זאמש; דינגע וואלענע צייג פאר מענער-קליידער.

does not an'swer (דאז נאט ענ'-סער) עס טויג ניט.

doff *v.* (דאף) ארונטערנעהמען, אויסטהאן, אראבצויהען; אראבנעהמען דאס היטעל [אלס בעגריסונג].

do for (דו פאר) טהאן עפעס פאר אדער צוליעב אימעצען; זארגען פאר אימעצען; רואינירען; שטארק שעדיגען; טויטליך פערוואונדען; בעזיעגען; שטארק צושלאגען.

dog *n. and v.* (דאג) א הונד; א קלאמער; א האקען אדער העקעל; נאכשפירען [ווי א הונד]; פערפאלגען מיט הינד [אויף יאגד]; בעפעסטיגען מיט א קלאמער אדער העקעל.

Dog *n.* (דאג) דער הונד-שטערען-בילד [א געוויסע צונויפשטעלונג פון שטערען אין דער אלטער אסטראנאמיע]; דער הונדס-שטערען [סיריאוס].

do'gal *a.* (דאו'-געל) וואס איז שייך צו דעם הויפט-מאגיסטראט פון די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

doga'na *n.* (דא-גא'-נא) א צאל-הויז [טאמאזשנע].

dog'-ape *n.* (דאג'-איפ) אן "ער"-אפע [מאלפע].

do'gate *n.* (דאו'-גייט) דאס אמט פון א הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

dog'bane *n.* (דאג'-ביין) ז. *dog's-bane*.

dog'-bee *n.* (דאג'-ביע) דער "ער" פון בינען; א פליעג וואס דערקוטשעט שטארק הינד.

dog'berry *n.* (דאג'-בער-אי) די הונד-יאגדע.

dog'-bis'cuit *n.* (דאג'-בים'-קיט) אזא מין ביסקוויט מיט פלייש צו קארמענען הינד.

dog'-bri'er *n.* (דאג'-בראי'-ער) ווילדער ראזענשטאק.

dog'-cart *n.* (דאג'-קארט) א קליין וועגעל וואס ווערט געפיהרט פון הינד; א קליין וועגעל אויף צוויי רעדער.

dog'-cheap *a.* (דאג'-טשיעפ) שפאט-ביליג; אזוי ביליג ווי פאר הינד צו ווארפען.

dog'-col'lar *n.* (דאג'-קאל'-ער) א האלז-באנד פון א הונד; אזא ענגער האלז-באנד פאר פרויען.

dog'-days *n.* (דאג'-דייז) די קאניקולען, די הונדס-טעג [דאס זיינען די טעג פון ענדע יולי ביז אנהויב סעפטעמבער. זיי הייסען הונדס-טעג, ווייל אין דיעזע טעג געהט דער שטערען וואס הייסט "הונדס-שטערען" אויף און אונטער צוזאמען מיט דער זון].

doge *n.* (דאודזש) דער טיטול פון דעם הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

dog'-ear *v.* (דאג'-איער) פערבויגען די ווינקלען פון די בלעטער אין א בוך [מאכען ווי אראבגעהאנגענע הינטישע אויערען].

dog'-eared *a.* (דאג'-איערד) וואס די ווינקלען פון די בלעטער [פון א בוך] זיינען פערבויגען.

doge'ship *n.* (דאודזש'-שיפ) ז. *dogate*.

dog'-fan'cier *n.* (דאג'-פענ'-סי-ער) א הונד-הענדלער, א הונד-ציכטער.

dog'-fight *n.* (דאג'-פאיט) א רייסעריי פון הינד; א געשלעג וואס איז ניט לויט די כללים פון באקסען.

dog'fish *n.* (דאג'-פיש) דער הונד-פיש [א מין האיפיש].

Dogfish

dog'-fly *n.* (דאג'-פלאי) די הונד-פליעג [אזא פליעג וואס בעאונרוהיגט הויפטזעכליך הינד].

dog'-fox *n.* (דאג'-פאקס) א הונד אן "ער".

dog'ged *a. and adv.* (דאג'-עד) איינגע-

שפארט; פערביסנקייט; האַרטנעקיג; פּערדריסליך; אונפריינדליך; זעהר.

dog'gedly *adv.* (דאג-עד-לי) אויף אַ איינגעשפּאַרטען אָדער האַרטנעקיגען אופן; מיט דער איינגעשפּאַרטקייט פון אַ הונד.

dog'gedness *n.* (דאג'-עד-נעס) פערבי־סענקייט, איינגעשפּאַרטקייט, האַרטנעקיג־קייט; אנגעכמורעטקייט, אונפריינדליכקייט.

dog'ger *n.* (דאג'-ער) אַ פישער־שיף.

dog'gerel *n. and a.* (דאג'-ער-על) גראַם־שטראם פּאָעזיע; געדיכטע מיט אַ פאַלשען פערזען־מאָס און ריטם און אַ פּוסטען אינהאַלט; אָהן ריטם און אָהן אַן אינהאַלט [וועגען געדיכטע].

dog'gerelize *v.* (דאג'-ער-על-איז) שרייבען גראַם־שטראַם געדיכטע.

dog'gerelizer *n.* (דאג'-ער-על-אי-זער) אַ גראַם־שטראַם דיכטער.

dog'german *n.* (דאג'-ער-מען) אַ מאַ־טראָזען פון אַ פישער־שיף.

dog'gery *n.* (דאג'-ער-אי) בעטרוג, געמיינהייט; אַ פּראָסטער שענק.

dog'ging *n.* (דאג'-אינג) די יאגד מיט הינד.

dog'gish *a.* (דאג'-איש) הינטיש; בייסיג; קנוריג [ווי אַ הונד].

dog'gishly *adv.* (דאג'-איש-לי) אויף אַ הינטישען אופן.

dog'gishness *n.* (דאג'-איש-נעס) הינ־טישקייט, פערביסענהייט, איינגעשפּאַרט־קייט.

dog'-goned *a.* (דאג'-גאָהנד) פערדאַמט.

dog'-grass *n.* (דאג'-גרעס) הונדס־גראָז, קוועקע [אַ מין ווילדער ווייץ, וואס וואקסט ביי די זייטען פון די פעלדער].

dog'gy *n.* (דאג'-אי) הינטעלע [אַ ליעב־לינגס־נאָמען פאַר אַ הונד]; אַ קליין הינ־טעל.

dog'-head *n.* (דאג'-העד) אַזאַ האַמער וואס ווערט בענוצט ביים מאַכען זעגען.

dog'-hear'ted *a.* (דאג'-האַר'-טעד) האָבענדיג אַ הינטיש האַרץ, גרויזאַם, האַרט־הערציג.

dog'-hole *n.* (דאג'-האָול) אַ קאַנורע, אַ הונד־לאָך.

dog'-house *n.* (דאג'-האַוס) אַ קאַנורע, אַ הונד־ביידעל.

dog in the man'ger (דאג אין טהי מיינ'-דזשער) אַ הונד אויף אַ קופּע היי, ער עסט אַליין ניט און לאָזט קיין אַנדע־רען ניט עסען.

dog'-kee'per *n.* (דאג'-קיע'-פּער) אַ הונד־אויפזעהער.

dog'-ken'nel *n.* (דאג'-קענ'-על) ז. ***dog-house***

dog'-Lat'in *n.* (דאג'-לעט'-אין) עם־האַרצות'דיגע לאַטיין.

dog'-leech *n.* (דאג'-ליעטש) אַ הונד־דאָקטאָר.

dog'-legged *a.* (דאג'-לעגד) אויסגע־בויגען ווי אַ הינטישער פוס [וועגען טרעפּ, רעלסען א. ד. ג.].

dog'-let'ter *n.* (דאג'-לעט'-ער) דער בוכשטאַב ***R***.

dog'-louse *n.* (דאג'-לאַוס) די הונד־לויז [אַזאַ אינזעקט וואס קלעפּט זעהר צו הינד].

dog'ma *n.* (דאג'-מע) אַ דאָגמע, אַ גרונד־פּרינציפּ פון רעליגיאָן; אַ פעסטגעשטעל־טער פּרינציפּ; אַן אנגענומענער לעהר־זאַץ פון אַן אויטאָריטעט אָהן אַליין עס צו קענען בעווייזען אָדער צו בעגרינדען [ווי ביי אידען הלכה למשה מסיני].

'dog'-mad *a.* (דאג'-מעד) משוגע ווי אַ הונד.

dog'-man *n.* (דאג'-מען) איינער וואס האַנדעלט מיט הינטישען פלייש.

dogmat'ic *n. and a.* (דאג-מעט'-איק) דאָגמאַטיש, ווי אַ דאָגמע [וועגען אַ בע־הויפּטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאַהרונג אָדער בעווייזע]; די וויסענ־שאַפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די דאָג־מען פון דער קריסטליכער רעליגיאָן; אַ דאָגמאַטיקער [איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפּטונגען, נאָר שטעלט זיי אַרויס אַלס פעסטגעשטעלטע וואַרהיי־טען]. ז. ***dogma***

dogmat'ical *a.* (דאג-מעט'-אי-קעל) דאָגמאַטיש, ווי אַ דאָגמע [וועגען אַ בע־הויפּטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאַהרונג אָדער בעווייזע].

dogmat'ically *adv.* (דאג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אַ דאָגמאַטישען שטייגער; אויף דעם אופן פון אַן אויטאָריטעט; מיט געוויסהייט, מיט בעשטימטהייט. ז. ***dogma***

dogmat'icalness *n.* (דאג-מעט'-אי-קעל-נעס) דאָס זיין דאָגמאַטיש; געוויס־הייט, בעשטימטהייט.

dogmat'ics *n.* (דאג-מעט'-איקס) די ווי־סענשאַפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די דאָגמען [גרונד־פּרינציפּען] פון דער קריסטליכער רעליגיאָן.

dogmatisa'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאַן) ז. ***dogmatization***

dog'matise *v.* (דאג'-מע-טאַיז) ז. ***dogmatize***

dog'matism *n.* (דאג'-מע-טיזם) דאָג־מאַטיזם, דאָס זיין דאָגמאַטיש; בעהויפּ־טונגען, וועלכע ווערען אַרויסגעשטעלט אַלס פעסטגעשטעלטע וואַרהייטען, ניט זייענ־דיג בעגרינדעט אָדער בעווייזען.

dog'matist *n.* (דאג'-מע-טיסט) אַ דאָג־מאַטיקער, איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפּטונגען, נאָר שטעלט זיי אַרויס אַלס פעסטגעשטעלטע וואַרהייטען.

dogmatiza'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאַן) דאָס פערוואַנדלען אין אַ דאָגמע; דאָס מאַכען בעהויפּטונגען אין דער פאָרם פון אַ דאָגמע. ז. ***dogma***

dog'matize *v.* (דאג'-מע-טאַיז) מאַכען דאָגמאַטישע בעהויפּטונגען; מאַכען בע־הויפּטונגען אַלס פעסטגעשטעלטע וואַר־הייטען אָהן אַרגומענטען אָדער בעווייזע.

dog'matizer *n.* (דאג'-מע-טאַי-זער) ז. ***dogmatist***

dog'rose *n.* (דאג'-ראָוז) די פעלד־רויז, די ווילדע רויז.

Dog-rose

dog's age (דאגז איידזש) אַ שאָק מיט יאָהרען.

dog's'-bane *n.* (דאגז'-ביין) הונדס־קרויט [אַזאַ פלאַנצע מיט שטאַרק ביטע־רע וואָרצלען].

dog's death (דאגז דעטה) אַ הינטי־שער טויט.

dog's'-ear *n. and v.* (דאגז'-איהר) אַ פערבויגענער ווינקעל פון אַ בלאַט אין אַ בוך [וואס זעהט אויס ווי אַ הינטישער אויער]; פערבויגען די ווינקלען פון די בלעטער פון אַ בוך.

dog's'-fen'nel *n.* (דאגז'-פענ'-על) הונדס־גראָז [אַזאַ גראָז מיט אַ זעהר שלעכטען ריח].

dog's'-grass *n.* (דאגז'-גרעס) ז. ***dog-grass***

dog'-show *n.* (דאג'-שאָו) אַן אויס־שטעלונג פון הינד.

dog'-sick *a.* (דאג'-סיק) זעהר קראַנק.

dog'skin *n. and a.* (דאג'-סקין) אַ הונד־פעל; הונד־לעדער; געמאַכט פון הונד־לעדער.

dog'-sleep *n.* (דאג'-סליעפּ) אַ לייכטער שלאָף [ווי פון אַ הונד].

dog's'-meat *n.* (דאגז'-מיעט) אָבפאַל פון פלייש [אַלס שפּייז פאַר הינד].

dog's'-mer'cury *n.* (דאגז'-מויר'-קיו-רי) דאָס בינגעלקרויט [אַ מין גיפטיג גראָז].

Dog's-mercury

dog's'-nose *n.* (דאגז'-נאָוז) אַזאַ מין געמישטער ענגלישער געטראַנק.

dog's'-tail grass (דאגז'-טייל גרעס) דאָס געוועהנליכע קאַם־גראָז וואס וואַקסט אויף לאָנקעס.

dog'-star *n.* (דאג'-סטאַר) דער הונדס־שטערען אָדער סיריאוס [אַ געוויסער שטערען וועלכען מען זעהט אַם קלאָרסטען אין די מאָנאַטען יולי און אויגוסט].

dog'-stone *n.* (דאג'-סטאָון) אַזאַ שאַרס־טיגער שטיין וואס ווערט בענוצט אַלס מיהל־שטיין.

dog'stones *n.* (דאג'-סטאָונז) אַזאַ פלאַנצע פון דעם אָרכידעען מין.

dog's'-tooth grass (דאגז'-טוטה גרעס) ז. ***dog-grass***

dog'-tent *n.* (דאג'-טענט) אַ קליינער געצעלט וואס זעהט אויס ווי אַ הינטיש ביידעל.

dog'-tired *a.* (דאג'-טאַירד) מיעד ווי אַ הונד [שרעקליך מיעד].

dog'-tooth *n. and a.* (דאג'-טוטה) דער אויגען־צאָהן [דער שפּיציגער צאָהן נאָך וועלכען עס הויבען זיך אָן די באַק־ציינער]; אין אַרכיטעקטור — אַזאַ פער־

ציערונג אין דער פארם פון שפיצינג צייהנער; וואס איז שייך צו אזא פערציערונג.

dog'-tree *n.* (דאג'-טריע) ז. *dogwood*

dog'-trick *n.* (דאג'-טריק) א הינטישע שטוקע; א הינטישער וויץ.

dog'-trot *n.* (דאג'-טראט) א לייכטער טריט [ווי פון א הונד].

dog'-watch *n.* (דאג'-הוואטש) די צוויי־שטונדען וואך וועלכע ווערט געהאלטען אויף א שיף פון דער מאנשאפט — איינע פון 4 ביז 6 פאר נאכט און די צווייטע פון 6 ביז 8 מארגענס.

dog'-wear'y *a.* (דאג'-הוויער'-אי) מיעד ווי א הונד, טויט מיעד.

dog'wood *n.* (דאג'-הוואוד) דער הונדס־בוים [אזא בוים פון גלאטען און הארטען האלץ].

Dogwood

doi'ly *n.* (דאי'-לי) א טהעע־סערוועטקע, א דעסערט טישטיכעל [א קליין פערציערט אדער געשטריקט טישטיכעל].

do'ings *n.* (דו'-אינגז) טהאטען, אויפטהואונגען; האנדלונגען.
Write me about your **doings**.

do in'jury (דו אינ'-דזשו-רי) טהאן שאדען.

do in'to (דו אינ'-טו) איבערזעצען אין...
The author will **do** this article **into** German.

doit *n.* (דאיט) 1. אן אלטע קופערנע קליינע האלענדישע מטבע; א פרוטה, א גראשען; 2. א קלייניגקייט, א טראפען.
2. I care not a **doit**.

doit'kin *n.* (דאיט'-קין) אן אלטע האלענדישע קליינע קופערנע מטבע; א פרוטה, א גראשען.

dol. אבקירצונג פון *dollars* אדער *dollar*

dolab'riform *a.* (דא-לעב'-רי-פארם) האקפארמיג, ווי א האק [וועגען בלעטער און קערפער־טיילען ביי אינזעקטען].

dol'ce *a.* (דאול'-טשע) זיס און זאנפט [אין מוזיק].

dol'ce far nien'te (דאול'-טשע פאר ניענ'-טע) זיסע אונטעהטיגקייט; געשמאקע, אנגענעהמע פוילקייט.

dolcemen'te *adv.* (דאול-טשע-מענ'-טע) מיט זאנפטקייט און מיט זיסקייט [אין מוזיק].

dol'drums *n.* (דאל'-דראמז) געדריקטע שטימונג; שטילקייט, ווינדלאזיגקייט [אין איינינע טיילען פון ים ארום עקוואטאר].

dole *n. and v.* (דאול) די טייל; א טייל; אויסטיילונג; מזל, גורל; א נדבה; קומער; קלאג; דאס טרויערען; דאס וואָרקען פון טויבען; א הורטע טויבען; א גרענעץ; אויסטיילען אין קליינע פארציעס [הויפטזעכליך וועגען נדבות אדער אין אלגעמיין, ווען עס ווערט געגעבען קארג און מיט אונצופרידענהייט].

dole'ful *a.* (דאול'-פול) טרויעריג, בעטריבט, מעלאנכאליש.

dole'fully *adv.* (דאול'-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער, מיט בעטריבטקייט; מעלאנכאליש.

dole'fulness *n.* (דאול'-פול-נעס) טרויעריגקייט, בעטריבטקייט, קומער, מעלאנכאליע.

dole out (דאול אוט) קארג אויסטיילען.

dole'some *a.* (דאול'-סאם) ז. *doleful*

dole'somely *adv.* (דאול'-סאם-לי) ז. *dolefully*

dole'someness *n.* (דאול'-סאם-נעס) ז. *dolefulness*

dolichoceph'alic *a.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-ליק) לאנגקעפיג [וועגען מענשענראסען, ביי וועלכע דער שארבען האט א לענגליכע פארם און זיין ברייט איז ניט מעהר ווי דריי פיערטעל פון דער לענג].

dolichoceph'alism *n.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-ליזם) לאנגקעפיגקייט. ז. *dolichocephalic*

dolichoceph'alous *a.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-לאס) ז. *dolichocephalic*

dolichoceph'aly *n.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-לי) ז. *dolichocephalism*

do like for like (דו לאיק פאר לאיק) בעצאהלען מיט דערזעלבער מטבע.

dol'iman *n.* (דאל'-אי-מען) א לאנגער טערקישער אויבערמאנטעל מיט שמאלע ארבעל, וואס פערשפילען זיך אונטען, ביים האנדגעלענק.

do'-lit'tle *n.* (דו'-ליט'ל) א פוילענצער.

doll *n.* (דאל) א פופע, א ליאלקע.

dol'lar *n.* (דאל'-אר) א דאלאר [אן אמעריקאנישע מטבע]: דער דייטשער טהאלער [דריי מארק].

dol'lar-bird *n.* (דאל'-אר-בוירד) דער דאלאר־פויגעל [אזא פויגעל אין אויסטראליען. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גרויסען קיילעכדיגען ווייסען פלעק אויף די פליגעל].

dol'lar-mark *n.* (דאל'-אר-מארק) דער צייכען $, מיט וועלכען מען בעצייכענט דאלארס [ווי $5.].

doll'y *n., v. and a.* (דאל'-אי) א ליאלקע, א פופע; אין אינדיען — א פרעזענט פון פרוכטען און זיסען געבעקס; אזא אינסטרומענט איינצושלאגען ערץ אין די שאכטען; אזא וואש־מאשין; איינשלאגען ערץ; וואשען ערץ מיט א וואש־מאשין; נאריש, קינדיש; ליעב.

doll'y mop (דאל'-אי מאפ) א גאסען־הור, א סאלדאטען־הור.

dol'ma *n.* (דאל'-מא) א טערקישער מאכל, וועלכער בעשטעהט פון געהאקטען פלייש, רייז, אייער א. ד. ג., געוויקעלט אין פלאנצען־בלעטער.

dol'man *n.* (דאל'-מען) א לאנגער טערקישער אויבער־מאנטעל מיט שמאלע ארבעל, וואס פערשפילען זיך ביים האנד־געלענק; א הוזארען־יאק, רייך בעפוצט מיט שנורען; א פרויען־מאנטעל מיט אן אראבהאנג [אין דער פארם פון א קאלנער] אנשטאט ארבעל.

dol'men *n.* (דאל'-מען) א דאלמען, א שטיינערנע מצבה פון די אור־אלטע צייטען, וועלכע מען געפינט אין די מערב־טיילען פון אייראפא, אין אזיען און אין אפריקא [א דאלמען בעשטעהט געוועהנליך פון א שטיין, וואס ליעגט אויף אנדערע שטיינער אזוי, אז עס בילדעט זיך א מין קעמערעל. מען דענקט, אז די דאלמענס זיינען אויף געברויכט געווארען אלס מזבחות און אלס וואהנונגען].

dolmen'ic *a.* (דאל-מענ'-איק) וואס איז שייך צו א דאלמען; וואס מאכען דאלמענס. ז. *dolmen*

dol'omite *n.* (דאל'-א-מאיט) דער דאלאמיט [א מינעראל, ענטהאלט קאלך, מאגנעזיום און קויהלען־זויערע].

dolomit'ic *a.* (דאל-א-מיט'-איק) וואס איז שייך צו דאלאמיט. ז. *dolomite*

dol'omize *v.* (דאל'-א-מאיז) פערוואנדלען אין דאלאמיט. ז. *dolomite*

do'lor *n.* (דאו'-לאר) שמערץ, טרויער, קומער, יאמער.

dolorif'erous *a.* (דאל-א-ריפ'-ע-ראס) שמערצליך; וואס פערשאפט שמערץ.

dolorif'ic *a.* (דאל-א-ריפ'-איק) וואס דריקט אויס אדער פעראורזאכט שמערץ.

dolorif'ical *a.* (דאל-א-ריפ'-אי-קעל) ז. *dolorific*

doloro'so *a. and adv.* (דאו-לאו-ראו'-סא) זאנפט און ריהרענד [אין מוזיק].

dol'orous *a.* (דאל'-א-ראס) שמערצליך, שמערצענד, טרויעריג, יאמערליך, בעטריבענד, בעטריבט.

dol'orously *adv.* (דאל'-א-ראס-לי) אויף א שמערצליכען, טרויעריגען אדער בעטריבענדען אופן.

dol'orousness *n.* (דאל'-א-ראס-נעס) שמערצליכקייט, קומער, טרויעריגקייט, בעטריבטקייט.

dolose' *a.* (דאו-לאוס') מיט א פערברעכערישער כונה.

dol'phin *n.* (דאל'-פין) דער דעלפין־פיש; אזא שטיק אייזען אדער בליי, מיט וועלכען מען פלעגט אין אלטען גריכענלאנד דורכברעכען און זינקען פיינדליכע שיפען; א פארריכטונג פון קלעצער ביי א דאק פאר פעראנקערען שיפען.

dol'phinet *n.* (דאל'-פינ-עט) די "זי" פון דעלפין־פיש.

dolt *n. and v.* (דאולט) א נאר, אן עזעלקאפ; א חמור; נאריש האנדלען; זיך אויפפיהרען דום.

dol'tish *a.* (דאול'-טיש) נאריש, עזעליש, דום.

dol'tishly *adv.* (דאול'-טיש-לי) אויף א נארישען, דומען שטייגער.

dol'tishness *n.* (דאול'-טיש-נעס) דאס זיין א חמור; דומהייט.

domain' *n.* (דא-מיין') די הערשאפט; די טעריטאריע פון הערשאפט; א מאיאנטעק, א גוט, לאנד־אייגענטום; געביעט.

do'mal *a.* (דאו'-מעל) וואס איז שייך צו אן אבגעגרענעצטען טייל פון אויסגעשטרעקטען הימעל [אין אסטראלאגיע].

doma'nial *a.* (דא-מיי'-ני-על) וואס איז שייך צו גיטער אדער מאיאנטעקס.

Dom'boc *n.* (דאום'-באוק) ז. *Domebook*

dome *n. and v.* (דאום) א דאם, א בנין, א גרויסארטיגע געביידע, א גרויסע קירך אדער טעמפעל; אין ארכיטעקטור — א קופאל, דער האלב־רונדער דאך פון א קירך און אנדערע געביידען; א האלב־רונדע ארקע; דער דאמפף־קאמער פון א לאקאמאטיוו; דער אויבערשטער טייל פון א שמעלץ־אויווען; דער אויבערשטער דאך פון אן אייזענבאהן־וואגאן; דער האלב־רונדער דאך פון אן אבסערוואטאריע; א מינעראל וואס האט די פארם פון א קופאל; ארויפשטעלען א קופאל; צוגעבען צו עפעס די פארם פון א קופאל.

Dome'book *n.* (דאום'-בוק) א זאמלונג פון געזעצע וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון ענגלישען קעניג אלפרעד.

domes'tic *n. and a.* (דא-מעס'-טיק)

1. הויזליך; היימיש; היגע; פון אייגענעם לאנד; היימיש געמאכט; היימיש געמאכטע פראדוקטען [אין געגענזאץ צו אימפארטירטע וואַרע]; 2. א הויז=משרת, א בעדיענער.

1. I wear a suit made of **domestic** woolen.
2. In America it is hard to obtain **domestics**.

domes'tical *n.* (דא-מעס'-טי-קעל) א הויז=משרת.

domes'tically *adv.* (דא-מעס'-טי-קעל-אי) בנוגע צו די היימישע אנגעלעגענהייטען; פריוואט, היימיש.

domes'tic an'imal (דא-מעס'-טיק ענ'-אי-מעל) א הויז=טהיער.

domes'ticate *v.* (דא-מעס'-טי-קייט) היימיש מאכען, צוגעוועהנען; מאכען אדער ווערען פאמיליאר; זיין א הויז=זיצער; זיין שטענדיג אין דער היים, פיהרען א רוהיג לעבען; זיין א היימישער מענש.

domestica'tion *n.* (דא-מעס-טי-קיי'-שאן) דאס הויזליכע לעבען; דאס זיין היימיש; דאס מאכען הויזליך, די צוגעוועהנונג.

domes'ticative *a.* (דא-מעס'-טי-קיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו פיהרען א הויז=לעבען אדער צו זיין א הויז=זיצער.

domes'tic com'merce (דא-מעס'-טיק קאמ'-ערס) דער האנדעלס=פערקעהר אין די גרענעצען פון דעם אייגענעם לאנד אדער מלוכה.

domes'tic econ'omy (דא-מעס'-טיק אי-קאנ'-א-מי) די הויז=ווירטשאפט; דער אופן ווי אזוי עס ווערט געפיהרט די הויז=ווירטשאפט.

domestic'ity *n.* (דא-מעס-טיס'-אי-טי) הויזליכקייט, דאס זיין היימיש.

domes'ticize *v.* (דא-מעס'-טי-סאיז) מאכען הויזליך [א חיה]; מאכען היימיש.

domes'tic peace (דא-מעס'-טיק פיעס) הויז=פריעדען, שלום בית.

domes'tic trade (דא-מעס'-טיק טרייד) דער אינערליכער האנדעל.

domes'tic tu'tor (דא-מעס'-טיק טיו'-טאר) א הויז=לעהרער.

domes'tic war (דא-מעס'-טיק וואהר) א בירגער=קריעג.

dom'ett *n.* (דאמ'-עט) גלאטער האלב=וואלענער שטאף.

do'mical *a.* (דאו'-מי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס האט די פארם פון א דאם אדער פון א געביידע מיט א קופאל; וואס איז געבויט לויט דער ארכיטעקטור פון א דאם. ז. *dome*.

do'mically *adv.* (דאו'-מי-קעל-אי) אין דער פארם פון א דאם. ז. *dome*.

dom'icile *n. and v.* (דאמ'-אי-סיל) א וואהנונג; א הויז; א וואהנונגס=ארט; זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א וואהנונג.

domicil'iary *a.* (דאמ-אי-סיל'-אי-ע-רי) וואס געהערט צו דער וואהנונג, הויזליך; אין זאאלאגיע — וואס איז שייך צו דעם שיידעל, אין וועלכען א געוויסע חיה לעבט.

domicil'iate *v.* (דאמ-אי-סיל'-אי-אייט) זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א הויז.

domicilia'tion *n.* (דאמ-אי-סיל-אי-איי'-שאן) די בעזעצונג אין א וואהנונג; די בעשטענדיגע וואהנונג.

dom'inance *n.* (דאמ'-אי-נענס) דאס הערשען, די הערשונג, דער קאנטראל, די איבערהאנד.

China is now under the **dominance** of Europe.

dom'inancy *n.* (דאמ'-אי-נענ-סי) ז. *dominance*.

dom'inant *n. and a.* (דאמ'-אי-נענט) וואס געוועלטיגט; וואס האט די איבערהאנד; אין מוזיק — די דאמינאנטע, דער 5טער טאן אין א גאמא.

dom'inantly *adv.* (דאמ'-אי-נענט-לי) מעשה געוועלטיגער; אויף א הערשענדען שטייגער.

dom'inate *v.* (דאמ'-אי-נייט) הערשען; געוועלטיגען; בעהערשען, רעגיערען; האבען די איבערהאנד.

domina'tion *n.* (דאמ-אי-ניי'-שאן) איבערהערשאפט.

dom'inator *n.* (דאמ'-אי-ניי-טאר) א הערשער, א געוועלטיגער.

do'mine *n.* (דאו'-מי-נע) א גייסטליכער.

domineer' *v.* (דאמ-אי-ניער') הערשען; בעל=הבית'עווען; אויפפיהרען זיך מעשה בעל=הבית; בושעווען, לארמען [אלס בעל=הבית].

domineer'ing *a.* (דאמ-אי-ניער'-אינג) בעפעהלענד, מעשה בעל=הבית.

domin'ical *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קעל) אין דער קריסטליכער קירך — וואס געהערט צו גאט'ס טאג [זונטאג]; וואס איז שייך צו זונטאג; גאט'ס הויז, א קירך; א זונטאגדיגער מלבוש צו געהן אין קירך.

Domin'ican *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קען) איינער וואס געהערט צו דעם קריסטליכען מאנאכען=ארדען דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די "קארדינאלען" [א מין דרום=אמעריקאנישע פויגלען מיט טונקעל=גרויע פעדערען און מיט א העל=רויטען טשוב אויף'ן קאפ].

dom'inie *n.* (דאמ'-אי-ני) א גלח, א גייסטליכער.

domin'ion *n.* (דא-מינ'-יאן) הערשאפט, געוועלטיגקייט, די מאכט, די הערשונג; די מלוכה; דאס לאנד אדער די לענדער וואס בעלאנגען צו א פערזאן אדער רעגיערונג.

dom'ino *n.* (דאמ'-אי-נאו) א דאמינא, א גלח'ישער ברייטער איבער=מאנטעל מיט א קאפיושאן; א מאסקאראד=קלייד אין דער פארם פון א גלח'ישער דאמינא; איינער וואס טראגט א דאמינא; א האלבע מאסקע, מיט וועלכער פרויען פלעגען אמאל פערדעקען דאס פנים, פאהרענדיג אין וועג; דאס דאמינא=שפיעל; א ביינדעל פון דאמינא=שפיעל.

Domino

dom'inoes *n.* (דאמ'-אי-נאוז) דאס דאמינא=שפיעל.

dom'inus *n.* (דאמ'-אי-נאס) דער הערר; דער טיטול פון א גייסטליכען אין די אמאליגע צייטען; אין געזעצגעבונג — אן אייגענטימער אדער בעזיצער פון א געוויסער זאך, אויף וועלכער ער האט א רעכט; אין מיטעלאלטער — א פריץ וואס גיט אב ערד צו זיינעם א וואסאל פאר געוויסע פערפפליכטונגען.

don *n. and v.* (דאן) דער שפאנישער טיטול "הערר"; אן אדעליגער, א טיטולירטער; א וויכטיגע פערזענליכקייט [איראניש]; אין ענגלאנד — א דאן, אן אוניווערזיטעטס=געלעהרטער; אנטהאן, אנקליידען, בעקליידען.

do'ña *n.* (דאו'-ניא) א דאנא, א מאדאם [אין שפאניש].

do'nate *v.* (דאו'-נייט) געבען, שענקען, מנדב זיין, ביישטייערן.

He **donated** his services to his party.

dona'tion *n.* (דא-ניי'-שאן) א נדבה, א מתנה, א געשענק, א ביישטייערונג; אן אפיציעלער דאקומענט, דורך וועלכען עטוואס ווערט געשענקט אדער געגעבען.

dona'tion-par'ty *n.* (דא-ניי'-שאן-פאר'-טי) א פערזאמלונג ביים גייסטליכען, ביי וועלכער עס ווערען געבראכט פרעזענטען פאר'ן גייסטליכען [דער מנהג עקזיסטירט, מייסטענס אין דערפער, אין אייניגע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער צוועק פון דיעזע פערזאמלונגען איז צו פערגרעסערען דעם גלח'ס קליינע שכירות].

don'ative *n. and a.* (דאנ'-ע-טיוו) א געשענק, א מתנה, א נדבה; געשענקט, בעשאנקען.

dona'tor *n.* (דא-ניי'-טאר) איינער וואס איז מנדב אדער וואס שענקט עפעס.

do'naught *n.* (דו'-נאהט) א טויגעניכטס, א פוילענצער, א לעדיג=געהער.

done (דאן) 1. געטהאן, געמאכט; פארטיג, געענדיגט, פערפאלקאמט; 2. בעשלאסען, אנגענומען; 3. ערשעפט, אויסגעמאטערט; 4. ערפילט, פערעפענטליכט. ז. *do*.

1. The work was **done** well.

done brown (דאן בראון) גוט געבראטען.

donee' *n.* (דאו-ניע') איינער וועמען מען שענקט עפעס; איינער וואס קריעגט בירושה לאנד=אייגענטום וואס קען קיינמאל ניט פערקויפט ווערען, נאר געהט איבער בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וועמען מען גיט איבער דאס רעכט אויף לאנד=אייגענטום [אלס פערטרעטער פון דעם אייגענטימער].

done up (דאן אפ) 1. שוין מעהר נישטא; פערשוואונדען; 2. גוט אנגעבראכען די ביינער.

2. He was **done up** in the fight.

Don Ju'an (דאן דזשו'-אן) א דאן זשואן, א דאמען=פריינד, איינער וואס לויפט נאך פרויען.

don'key *n.* (דאנ'-קי) אן עזעל; א שוטה, אן עזעל=קאפ, א נארישער עקשן.

don'key-en'gine *n.* (דאנ'-קי-ענ'-דזשין) א הילפס=דאמפף=מאשין [א קליינע דאמפף=מאשין, וועלכע ווערט געהאלטען אין רעזערוו אין פאל די הויפט=מאשין ווערט קאליע, אדער וועלכע ווערט געברויכט פאר ניט שווערער און ווייניגער וויכטיגער ארבייט].

don'key-pump *n.* (דאנ'-קי-פאמפ) א הילפס=פומפ; א קליינע פומפ צום אנפילען א דאמפף=קעסעל.

don'key-race *n.* (דאנ'-קי-רייס) א וועט=לויף, ביי וועלכען עס געווינט ניט דער, ווער עס קומט צום ציעל דער ערשטער, נאר דער, ווער עס קומט דער לעצטער.

don'key-rest *n.* (דאנ'-קי-רעסט) אין פאפיער=פאבריקען — א ראהם, אויף וועלכער מען טריקענט דאס פאפיער.

don'na *n.* (דאנ'-א) א דאנא [איטאליענישער אדער פארטוגעזישער אויסדרוק פאר "מאדאם"].

don'nish *a.* (דאנ'-איש) וואס איז שייך צו א דאן [ז. *don*]; מעשה גרויסער מאן, מעשה גדול.

don'nism *n.* (דאנ'-איזם) דאס האלטען זיך מעשה גדול.

do'nor *n.* (דאו'-נאר) איינער וואס שענקט אדער איז מנדב; איינער וואס

שענקט אוועק לאנד־איינגענטום אויף דעם אופן, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען, נאר זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וואס גיט איבער א צווייטען זיין מאכט אויף אייגענטום.

do'nothing *n. and a.* (דו'-נאטה-אינג) א טויגעניכטס, א פוילענצער; פויל, אונטהעטיג.

do'nothingness *n.* (דו'-נאטה-אינג-נעס) פוילקייט, אונטהעטיגקייט.

Don Quixo'te (דאן קי-האו'-טיי) א דאן קיכאט, א פאנטאזיאר, א נארישער, עהרליכער טרוימער: איינער וואס שלאגט זיך מיט ווינד־מיהלען [דאס איז דער נאמען פון דעם העלד פון א בעריהמטען ראמאן פון דעם שפאנישען שרייבער סערוואנטעס. דער ראמאן איז ערשיענען אין די יאהרען 1605—1615].

don'ship *n.* (דאנ'-שיפ) דאס האבען דעם ראנג פון א דאן. ז. *don*

don't (דאונט) אן אבקירצונג פון *do not*

don't men'tion it (דאונט מענ'-שאן איט) ניטא פאר וואס צו דאנקען.

doo'dle *n.* (דוה'דל) א פוילענצער; א טויגעניכטס; א נאר.

doo'dledoo (דוה'דל-דוה) קו־קו־רע־קו! [דאס קרעהען פון א האהן].

doo'dlesack *n.* (דוהדל'-סעק) א דודעל־זאק [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט]. ז. *bagpipe*

doom *n. and v.* (דוהם) א משפט, אן אורטייל; פעראורטיילונג; א שטראף־אורטייל; שיקזאל, מזל, גורל; פעראורטיילען; בעשטימען אלס שטראף.

doom'ful *a.* (דוהמ'-פול) שרעקליך, פערניכטענד, צושטערענד, פערפלוכט.

doom'-palm *n.* (דוהמ'-פאהם) די דום־פאלמע אדער פעכער־פאלמע [אזא פאלמע מיט פעכער־עהנליכע בלעטער, וואקסט אין אפריקא].

Doom-palm

dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) דער געריכטס־טאג, דער יום הדין; דער לעצטער יום הדין, ווען די גאנצע וועלט וועט גע־משפט ווערען; דער טאג פון טויט.

Dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) ז. *Doomsday Book*

Dooms'day Book (דוהמז'-דיי בוק) א צענזוס־בוך וועגען די לאנד־בעזיצונגען אין ענגלאנד, צוזאמענגעשטעלט אויף'ן בעפעהל פון ווילּיאם דעם ערָאבערער און פערענדיגט אין יאהר 1086 [דאס בוך ווערט אזוי גערופען, ווייל דאס וואס ווערט דארט אנגעגעבען איז בעטראכט געווען אלס ענדגילטיג און ענטשיידענד].

do one right (דו הוואן ראיט) זיין גערעכט צו אימעצען.

do one's best (דו הוואנז בעסט) טהאן דאס בעסטע וואס מען קען, אנווענדען אלע מעגליכקייטען.

do one's ease'ment (דו הוואנז איז'-מענט) זיך פערלייכטערען די לאגע.

do one's lev'el best (דו הוואנז לעוו'-על בעסט) טהאן אלעס וואס איז מעגליך.

do one's part (דו הוואנז פארט) דאס זייניגע אבטהאן.

door *n.* (דאור) א טהיר; אן אריינגאנג, אן ארויסגאנג, א דורכגאנג, אן עפענונג, א צוטריט.

door'-bar *n.* (דאור'-באר) א טהיר־ריגעל.

door'-bell *n.* (דאור'-בעל) א טהיר־גלעקעל.

door'-bolt *n.* (דאור'-באולט) ז. *door-bar*

door'-case *n.* (דאור'-קיים) דאס טהיר־געשטעל, די ראהם פון א טהיר, די טהיר־איינפאסונג.

door'-chain *n.* (דאור'-טשיין) א קייטעל, מיט וועלכען מען פערקייטעלט א טהיר אזוי, אז זי קען זיך נאר עטוואס עפענען.

door'-frame *n.* (דאור'-פריים) די טהיר־ראהם.

door'-han'dle *n.* (דאור'-הענדל) דאס הענטעל פון א טהיר, א קליאמקע.

door'keeper *n.* (דאור'-קיע-פער) איינער וועלכער היט די טהיר אדער דעם אריינגאנג אין א הויז, א טהיר־וועכטער; אין די קאטוילישע קלויסטערס — דער טויער־וועכטער.

door'-knob *n.* (דאור'-נאב) ז. *door-handle*

door'-knock'er *n.* (דאור'-נאק'-ער) א רינג אדער א שטיקעל אייזען וואס הענגט איבער דער טהיר אנצוקלאפען אין טהיר.

door'-latch *n.* (דאור'-לעטש) א טהיר־קליאמקע.

door'less *a.* (דאור'-לעס) אהן א טהיר; אהן א צוגאנג.

door'-mat *n.* (דאור'-מעט) א פוס־רייניגער [א מין ראגאזשע אדער דיקער קאוויאר וואס ליעגט נעבען טהיר כדי אבצואווישען דעם שמוץ פון די שיך ביים אריינגעהן].

door'-nail *n.* (דאור'-נייל) א טשוואק מיט א ברייטען קעפעל, וועלכער איז אריינגעשלאגען אין טהיר און אויף וועלכען מען קלאפט אן מיט דעם הענגענדען אייזערנעם קלאפער.

door'-plate *n.* (דאור'-פלייט) א בלעכעל אויף א טהיר, אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם, ווער עס וואהנט אין הויז.

door'-post *n.* (דאור'-פאוסט) דאס ביי־שטידעל פון א טהיר.

door'-pull *n.* (דאור'-פול) דאס הענטעל מיט וועלכען מען עפענט און פערמאכט א טהיר.

door'-scra'per *n.* (דאור'-סקריי'-פער) דער קראץ־אייזען ביים טהיר [אבצוקראצען די בלאטע פון די שיך].

door'-secur'er *n.* (דאור'-סי-קיור'-ער) א טהיר־שטאנג [צו פערשפארען די טהיר].

door'-sill *n.* (דאור'-סיל) א טהיר־שוועל.

door'-spring *n.* (דאור'-ספרינג) די טהיר־פעדער [אן אפאראט, אז די טהיר זאל זיך פון זיך אליין צומאכען].

door'-step *n.* (דאור'-סטעפ) די טרעפ פאר דער הויז־טהיר; די שוועל.

door'-stone *n.* (דאור'-סטאון) דער שטיין ביי דער שוועל פון טהיר.

door'-strip *n.* (דאור'-סטריפ) א פאס אדער א לייסט, מיט וועלכען די ברעגעס פון א טהיר זיינען ארומגעשלאגען, כדי ניט דורכצולאזען קיין ווינד בעת די טהיר איז פערמאכט.

door'wards *adv.* (דאור'-הווארדז) צו דער טהיר צו.

door'way *n.* (דאור'-הוויי) אין ארכיטעקטור — דאס ארט וואו די טהיר איז, דער אריינגאנג; די טהיר.

door'yard *n.* (דאור'-יארד) אן ארומגעצאמטער קליינער הויף ארום דער טהיר פון א הויז.

do o'ver (דו או'-ווער) ווידערהאלען, טהאן נאך אמאל; בעדעקען מיט פארב, אויסשמירען.

dope *n. and v.* (דאופ) א געדיכטע פליסיגקייט, ווי געדיכטע סאוס אדער טייג; דאס וואס מאכט גלאט אדער גליטשיג, ווי דאס שמירעכץ פון אן אקס; אפיום, בעזאנדערס דאס געדיכטע אפיום־טייג וואס ווערט געברויכט צום רויכערען; א נארקאטישער מיטעל, ווי האשיש, אפיום א. ד. ג.; א מענש וואס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון נארקאטישע מיטלען; קארמענען מיט רפואות.

dor *n.* (דאהר) אזא גרויסער שווארצער קעפער [זשוק] וואס איז בעקאנט מיט דעם גערויש וועלכען ער מאכט פליהענדיג.

Do'rian *n. and a.* (דאו'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם אלט־גריכישען דיסטריקט דארים; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון דארים; אן איינוואהנער פון דארים.

Dor'ic *n. and a.* (דאר'-איק) וואס איז שייך צו דעם אלט־גריכישען דיסטריקט דארים אדער צו די דארטיגע איינוואהנער, צו זייער קולטור, קונסט, שפראך א. ד. ג.; די דארישע שפראך [וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר ברייטער און הארטער אויסשפראכע]; א שפראך מיט א ברייטער און הארטער אויסשפראכע.

Doric Order

Dor'icism *n.* (דאר'-אי-סיזם) די אייגענטימליכקייט פון דעם דארישען שפראך־דיאלעקט.

Dor'ic or'der (דאר'-איק אהר'-דער) די דארישע זייל־ארדנונג, דער דארישער זייל [אן איינפאכער זייל אהן בעציערונגען און מיט איינשניטע אין דער לענג].

Do'rism *n.* (דאו'-ריזם) ז. *Doricism*

dor'king *n.* (דאהר'-קינג) אזא גאטונג גרויסע היהנער וואס לעגען פיעל אייער און זייער פלייש האט א גוטען געשמאק.

dorm *n.* (דאהרם) א שלומער, א שלאף.

dor'mancy *n.* (דאהר'-מענ-סי) שלומער, רוה, שלאף.

dor'mant *a.* (דאהר'-מענט) שלומערענד, שלאפענד; שטיל; ליעגענדיג ווי אין שלאף.

dor'mant part'ner (דאהר'-מענט פארט'-נער) א שטילער שותף [אזעלכער וואס איז ניט טהעטיג].

dor'mer *n.* (דאהר׳-מער) א שלאף־צימער; א דאך־פענסטער, א מאנסארדע פענסטער.



Dormer

dor'mer-win'dow *n.* (דאהר׳-מער-ווינ׳-דאו) א דאך־פענסטער, א מאנסאר־דע פענסטער.

dor'mitive *n. and a.* (דאהר׳-מי-טיוו) וואס פערשלעפערט; א שלאף־מיטעל.

dor'mitory *n.* (דאהר׳-מי-טא-רי) א שלאף־צימער; א טייל פון א האטעל, קא־זארמע א. ז. וו. וואס בעשטעהט פון שלאף־צימערען.

dor'mouse *n.* (דאהר׳-מאוס) די שלאף־מויז; די וועווערקע־מויז [אזא שעהן חיה'לע וואס שלאפט אין ווינטער. עס איז א ביסעל ענהליך צו א מויז, האט אבער א לאנגען האריגען עק].

Dormouse

dor'nick *n.* (דאהר׳-ניק) א שטיקעל פון א פעלזען־שטיין; א שטיינדעל.

dorp *n.* (דאהרפ) א דערפעל.

dorsabdom'inal *a.* (דאהר-סעב-דאמ׳-אי-נעל) וואס איז שייך צום רוקען און צום בויך.

dor'sad *adv.* (דאהר׳-סעד) צום רוקען.

dor'sal *n. and a.* (דאהר׳-סעל) וואס גע־הערט צום רוקען; די רוקען־פלאספעדער פון א פיש.

dor'sally *adv.* (דאהר׳-סעל-אי) אויף'ן רוקען; צום רוקען צו.

d'Orsay' *n.* (דאר-סיי׳) אזא קארעטע אויף פרושינעס.

dorse *n.* (דאהרס) א שטיק פערציערטע שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעהענגען דעם לעהן פון א שטוהל; א יונגער שטאק־פיש. ז. **cod**.

dor'sum *n.* (דאהר׳-סאם) דער רוקען.

do'ry *n.* (דאו׳-רי) דער הערינגס־קעניג אדער סט. פעטער'ס פיש, אזא פלאטשיגער ים־פיש מיט לאנגע פלאספעדערען אויף'ן רוקען; אזא קליין פלאטשיג פישער־שיפעל.



Dory

dose *n. and v.* (דאוס) א דאזע, א פאר־ציאן; א בעשטימטער טייל פון א רפואה, וואס א חולה דארף איינעהמען אדער איינשלינגען מיט איין מאל; אן אונאנגע־נעהמע זאך וואס מען דארף אראבשלינגען; די מאס פון דעם, וואס עס ווערט צוגעגע־בען צו וויין [ווי סיראפ אדער קאניאק], כדי דער וויין זאל בעקומען אן אנדער טעם; פאנאנדערטיילען אין דאזען אדער פארציאנען; געבען איינעם רפואות; פער־פראווען וויין.

dosim'etry *n.* (דאו-סימ׳-ע-טרי) דאס מעסטען דאזען אדער טראפען פון א רע־צעפט.

doss *v.* (דאס) שטויסען מיט די הערנער; ווארפען, שליידערען; צאהלען.

dos'ser *n.* (דאס׳-ער) רייכע בעציערונגען [ווי קאוויארען א. ד. ג.] אויף די ווענד פון א קארידאר אדער קלויסטער.

dos'sil *n.* (דאס׳-איל) א קנייטעל קארפע [צום היילען א וואונד]; א שפונט אין א פאס.

doss out (דאס אוט) נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל.

dot *n. and v.* (דאט) א פונקט, א פינטעל; פונקטירען, מאכען פינטעלעך.

do'tage *n.* (דאו׳-טיידזש) אלטקייט, עובר בטל, דאס קינדיש ווערען [אויף דער על־טער]; פערשטאנדלאזיגקייט; א וואהנזי־ניגע ליידענשאפטליכע ליעבע.

do'tal *a.* (דאו׳-טעל) וואס געהערט צו נדן.

do'tard *n. and a.* (דאו׳-טארד) איינער וואס ווערט קינדיש אויף דער עלטער; אן עובר בטל; איינער וואס איז וואהנ־זיניג פון ליידענשאפטליכער ליעבע; נא־ריש, ווי אן עובר־בטל.

do'tardly *a.* (דאו׳-טארד-לי) ווי אן עובר־בטל, שוואך.

do'tardy *n.* (דאו׳-טאר-די) דאס זיין אן עובר בטל.

dota'tion *n.* (דא-טיי׳-שאן) נדן, חתונה־אויסשטאטונג, אויסשטייער; די בעשענ־קונג.

dote *v.* (דאוט) ווערען קינדיש אדער אונזיניג פון אלטקייט; זיין וואהנזיניג פערליעבט.

2. He dotes on his wife.

do'ter *n.* (דאו׳-טער) דער נאריש־פער־ליעבטער.

do the con'tinent (דו טהי קאנ׳-טי-נענט) בערייזען אייראפא [אן אויסדרוק אין ענגלאנד און אין די פעראייניגטע שטאאטען].

do the polite' (דו טהי פא-לאיט׳) שפיעלען די ראלע פון א העפליכען מענ־שען.

do'ting *a.* (דאו׳-טינג) פערליעבט אי־בער די אויערען; קינדיש געווארען פון אלטקייט.

do'tingly *adv.* (דאו׳-טינג-לי) מעשה נאר, נאריש, ווי א נאריש־פערליעבטער.

do'tish *a.* (דאו׳-טיש) נאריש, שוואך; נאריש פערליעבט.

dot'ted *a.* (דאט׳-עד) פונקטירט; גע־פלעקט.

dot'ted line (דאט׳-עד לאין) א פונק־טירטע ליניע [א ליניע וועלכע בעשטעהט פון א רייה פונקטען].

dot'ted note (דאט׳-עד נאוט) אין מו־זיק — א נאטע וואס איז בעצייכענט מיט א פונקט.

dot'terel *n.* (דאט׳-ער-על) דער בראך־פויגעל [א קליינער אייראפאאישער און אזיאטישער פויגעל, ביי וועלכען דער בויך איז שווארץ, די ברוסט איז געלב און דער האלז איז וויים און שווארץ. ער צייכענט זיך אוים דערמיט, וואס ער לאזט זיך לייכט ארייננארען און געפאנגען ווע־רען]; א מענש וואס לאזט זיך לייכט ארייננארען, א טיפש.

dot'-wheel *n.* (דאט׳-הוויעל) א צייהן־רעדעל מיט א הענטעל [ווערט בענוצט אין בוכבינדעריי און ביי אנדערע מלאכות].

doub'le *n., a., adv. and v.* (דאבל) דאפעלט, געדאפעלט, צווייפאך; צוויי מאל אזוי פיעל; דאפעלזיניג, צוויידייטיג; פאלש, צווייזייטיג, בעטריגעריש; שווינדלעריש; דאס דאפעלטע; א דופליקאט, א קאפיע; עפעס וואס האט דעמזעלבען אויסזעהן ווי אן אנדער זאך; צוויידייטיגקייט; פאלשקייט; א שווינדעל; א דריי־דעל; דער געשפענסט פון א מענשען וואס בעווייזט זיך צו איהם אליין אדער צו אן אנדערען אלס א צייכען פון טויט, ווי דאס פאלק גלויבט; א זייטען־שפרונג, א זייטען־ווענדונג [ביים אנטלויפען, אז דער נאכיאגער זאל ניט קענען כאפען]; א ווידערהאלונג פון א ווערטער אין א ליעד; דאפלען, פערדאפלען; ווידערהאלען, אי־בער'חזר'ען נאך אמאל; זיך פערדאפלען; ארומשיפען, ארומזעגלען מיט א שיף; פער־מאכען די האנד; מאכען א זייטען־שפרונג אין לויפען; מאכען פאלשקייטען אדער דריידלעך.

doub'le-ac'ting *a.* (דאבל׳-עק׳-טינג) דאפעל־ווירקענד [וועגען א קראפט וואס ווירקט אין צוויי ריכטונגען].

doub'le back (דאבל בעק) צוריקשלא־גען; געבען חזרה [קלעפ].

doub'le-bank *v.* (דאבל׳-בענק) ארביי־טען פארוויים [בעזאנדערס רודערען פאר־וויים].

doub'le-bar'reled *a.* (דאבל׳-בער׳-עלד) צוויי־לויפיג [פון א ביקס אדער פיסטאלעט וואס ווערט געלאדען מיט צוויי קוילען]; וואס האט א דאפעלטע ווירקונג.

doub'le-bass *n.* (דאבל׳-בייס) א קאנ־טרא־באס, א באנדורא.

doub'le blow on blow (דאבל בלאו אן בלאו) געבען א קלאפ נאך א קלאפ.

doub'le bot'tom (דאבל באט׳-אם) א דאפעלטער דעק.

doub'le-breas'ted *a.* (דאבל׳-ברעס׳-טעד) צוויי־בארטיג [וועגען א בגד וואס האט צוויי רייהען קנעפ און קנעפ־לעכער, אז מען זאל איהם קענען שפילען רעכטס און לינקס].

doub'le-broo'ded *a.* (דאבל׳-ברוה׳-דער) וואס געבערט צוויי מאל יעהרליך [וועגען אינזעקטען].

doub'le-charge *v.* (דאבל׳-טשארדזש) געבען א דאפעלטען חלק.

doub'le-chin *n.* (דאבל׳-טשין) א צוויי־גארנדיגע מארדע, א מארדע מיט א גוי־דער.

doub'le-dea'ler *n.* (דאבל׳-דיע׳-לער) א בעטריגער, א שווינדלער.

doub'le-dea'ling *n. and a.* (דאבל׳-דיע׳-לינג) בעטרוג, שווינדעל; בעטריגעריש, שווינדלענדיג.

doub'le-deck'er *n.* (דאבל׳-דעק׳-ער) א שיף מיט צוויי דעקען [עטאזשען] איי־נער איבער דעם אנדערען; א טראמוואי־וואגען מיט צוויי עטאזשען; א הויז וואו עס וואהנען צוויי שכנים אויף איין עטאזש.

doub'le down the leaf (דאבל דאון טהי ליעף) פערבויגען דאס בלאט [פון א בוך].

doub'le-dye *v.* (דאבל'-דאי) איבערפארבען צוויי מאל.

doub'le-dyed *a.* (דאבל'-דאיד) צוויי מאל איבערגעפארבט; דורכגענומען דורך און דורך, פאלשטענדיג, כפל־שמונה'דיג.

doub'le-ea'gle *n.* (דאבל'-איגל) אן אמעריקאנער גאלדענע מטבע פון 20 דאלאר; דער צוויי־קעפיגער אדלער [ווי ער ווערט בענוצט אלס הערב אין רוסלאנד און עסטרייך].

doub'le-edged *a.* (דאבל'-עדזשד) מיט צוויי שארפען, צוויי־שניידיג; צווייידייטיג.

doub'le-en'der *n.* (דאבל'-ענ'-דער) עטוואס וואס האט צוויי גלייכע עקען.

doub'le enten'dre (דוהבל אנ-טאנ'דר) א ווארט אדער פראזע וואס האט צוויי בעדייטונגען.

doub'le en'try (דאבל ענ'-טרי) דאפעלטע בוכפיהרונג [די מעטאדע אין בוכפיהרונג, וואו יעדע האנדעלס־אפעראציאן ווערט פערצייכענט אין די ביכער אי אלס קרעדיט אי אלס דעביט].

doub'le-eyed *a.* (דאבל'-איד) קוקענדיג מיט ביידע אויגען; היטענדיג ווי א גנב.

doub'le-face *n.* (דאבל'-פיים) צוויי־פנים'דיגקייט, צביעות, היפאקריטסטווע.

doub'le-faced *a.* (דאבל'-פייסט) וואס האט צוויי פנים'ער; וואס ביידע זייטען זיינען בעארבייט [ווי געוויסע טוך וואס מען קען טראגען פון ביידע זייטען]; צוויי־פנים'דיג, היפאקריטיש.

doub'le-fa'cedness *n.* (דאבל'-פיי'-סעד-נעס) צוויי־פנים'דיגקייט, צבוע'טסטווע, היפאקריטסטווע.

doub'le-first *n.* (דאבל'-פוירסט) אין אקספארדער אוניווערזיטעט — איינער וואס קריעגט דעם העכסטען גראד אויף דעם עקזאמען פאר מאטעמאטיק און קלאסישע ליטעראטור.

doub'le-flow'ered *a.* (דאבל'-פלאו'-ערד) וואס האט דאפעלטע בלומען [וועגען פלאנצען].

doub'le-gild *v.* (דאבל'-גילד) דאפעלט פערגאלדען; בעשיטען מיט חניפות.

doub'le-han'ded *a.* (דאבל'-הענ'-דעד) צוויי־הענדיג, מיט צוויי גריפען.

doub'le-head'ed *a.* (דאבל'-העד'-עד) צוויי־קעפיג.

doub'le-head'er *n.* (דאבל'-העד'-ער) אן אייזענבאהן־צוג וואס ווערט געשלעפט פון צוויי לאקאמאטיווען.

doub'le-hear'ted *a.* (דאבל'-האר'-טעד) דאפעל־הערציג, פאלש, ניט אויפריכטיג [בלב ולב].

doub'le-lock *v.* (דאבל'-לאק) צוויי מאל פערשליסען, צוויי מאל איבערדרעהען דעם שליסעל; פערשליסען מיט צוויי שלעסער.

doub'le-man *n.* (דאבל'-מען) אין דער קעמברידזשער אוניווערזיטעט — איינער וואס איז א קענער אי אין מאטעמאטיק, אי אין דער קלאסישער ליטעראטור.

doub'le-manned *a.* (דאבל'-מענד) מיט א דאפעלטער מאנשאפט [ווי אויף א שיף].

doub'le-mea'ning *a.* (דאבל'-מיע'-נינג) צוויי־דייטיג, דאפעל־זיניג; שווינדלעריש, וואס נארט.

doub'le-min'ded *a.* (דאבל'-מאינ'-דעד) אונענטשלאסען; וואס שלאגט זיך מיט דער דעה.

doub'le-min'dedness *n.* (דאבל'-מאינ'-דעד-נעס) אונענטשלאסענהייט, אונשטאנדהאפטיגקייט.

doub'le-na'tured *a.* (דאבל'-ניי'-טשורד) פון א צווייפאכיגער נאטור.

doub'leness *n.* (דאבל'-נעס) דאפעלטקייט; צוויי־זייטיגקייט; כיטרעקייט; שווינדלעריי.

doub'le one's legs (דאבל הוואנז לעגז) פערלעגען א פוס אויף א פוס.

doub'le one's self up (דאבל הוואנז סעלף אפ) זיך צוזאמענקארטשען, זיך צונויפבויגען.

doub'le ques'tion (דאבל קהוועס'-טשאן) א פראגע וואס איז געשטעלט אויף יא אדער ניין, צ. ב.: "איז פילאזאפיע וויכטיג, אדער איז עס ניט?"

doub'le-quick *n., a., adv. and v.* (דאבל'-קהוויק) דער שנעל־שריט [ביים מושטירען סאלדאטען]; וואס איז שייך צו שנעל־שריט, ווי שנעל שריט; זעהר שנעל; מיט שנעל־שריט; מארשירען מיט שנעל־שריט.

doub'ler *n.* (דאב'-לער) א פערדאפלער; אן עלעקטריציטעטס־פערדאפלער [אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום דעמאנסטרירען קליינע קוואנטיטעטען עלעקטריציטעט].

doub'le refrac'tion (דאבל רי-פרעק'-שאן) דאס צווייענדיגע ברעכען פון שטראהלען [ווען זיי געהען דורך א קריסטאל].

doub'le-salt *n.* (דאבל'-סאהלט) דאפעלזאלץ [א כעמישער געמיש פון צוויי זאלצען, ווי צ. ב. אלוין].

Dutch *n. and a.* (דאטש) א האלענדער, א דייטש; די האלענדישע שפראך; די דייטשע שפראך; האלענדיש, דייטש; וואס איז שייך צו דער האלענדישער אדער צו דער דייטשער שפראך.

Dutch auc'tion (דאטש אהק'-שאן) אן אויקציאן [א ליציטאציע, אן אויספערקויף], ביי וועלכער דער אויקציאנער הויבט אן פון א הויכער פרייז, וועלכע ער לאזט ביסלעכווייז ארונטער, ביז עס געפינט זיך א קונה; א שווינדעל=אויקציאן.

Dutch build (דאטש בילד) אונגעלומפערט, דיק.

Dutch clo'ver (דאטש קלאו'-ווער) ווייסקלעע [אזא מין פלאנצע].

Dutch com'fort (דאטש קאמ'-פארט) גם זו לטובה.

Dutch cour'age (דאטש קאר'-עדזש) געמאכטער מוטה; מוטה אונטער דער ווירקונג פון שכרות.

Dutch cree'pers (דאטש קריע'-פערז) צווערג=בוימלעך אדער קארליק=בוימלעך [אזעלכע קליינע קלעטער=בוימלעך].

Dutch feast (דאטש פיעסט) א קער=מעשעל [הוליאנקע], ביי וועלכען דער בעל הבית ווערט דער ערשטער שכור.

Dutch gold (דאטש גאולד) ז. *Dutch metal*

Dutch'man *n.* (דאטש'-מען) א האלענדער; א דייטש [געברויכט נור אין אמעריקא].

Dutch met'al (דאטש מעט'-על) נאכגעמאכט בלאט=גאלד אדער גאלד=פאפיער [א געמישט מעטאל וואס בעשטעהט פון 11 טיילען קופער און צוויי טיילען צינק און איז עהנליך אין אויסזעהן צו גאלד. צוליעב זיין ווייכקייט ווערט פון דיעזען מעטאל געמאכט גאלד=פאפיער].

Dutch myr'tle (דאטש מוירטל) אזא מין מירטע [הדסים].

Dutch ov'en (דאטש אוו'ן) א בעוועגליכער בלעכענער אויווען, א בראט=אויווען.

Dutch pink (דאטש פינק) געלער לאק.

Dutch school (דאטש סקוהל) די האלענדישע אדער פלאמאנדישע קונסט=שולע [די ריכטונג אין מאלעריי, וועלכע האט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע פון פאלקאמענהייט אין האלאנד און וועלכע צייכענט זיך אויס הויפטזעכליך דערמיט, וואס די טהעמאס פאר די בילדער ווערען גענומען פון דעם געוועהנליכען טאג=טעגליכען לעבען].

Dutch tile (דאטש טאיל) גלאזירטע ציגעל מיט מאלערייען.

Dutch ware (דאטש הוועהר) פאיאנס, שטיין=גוט.

du'teous *a.* (דיו'-טי-אס) געהארכזאם; וואס טהוט זיין פפליכט; פפליכטמעסיג.

du'teously *adv.* (דיו'-טי-אס-לי) מיט געהארכזאמקייט; געוויסענהאפט; לויט דער פפליכט.

du'tiable *a.* (דיו'-טי-עבל) אויף וואס עס זיינען ארויפגעלעגט טאריף=אבצאהלונגען.

du'tied *a.* (דיו'-טיד) ז. *dutiable*

du'ties on en'try (דיו'-טיז אן ענ'-טרי) איינפיהר=צאל; טאריף=שטייערען אויף אויסלענדישע סחורות.

du'tiful *a.* (דיו'-טי-פול) געהארכזאם; וואס פערהאלט זיך אונטערטהעניג אדער מיט רעספעקט; וואס ערפילט זיינע פפליכטען.

du'tifully *adv.* (דיו'-טי-פול-אי) מיט געהארכזאמקייט, מיט אונטערטהעניגקייט, מיט רעספעקט, לויט פפליכט.

du'tifulness *n.* (דיו'-טי-פול-נעס) געהארכזאמקייט; אונטערטהעניגקייט, דאס פערהאלטען זיך מיט רעספעקט, דאס ערפילען די פפליכט.

du'ty *n.* (דיו'-טי) פפליכט; געהארכזאמקייט, אונטערטהעניגקייט; ערפילונג פון פפליכטען; דיענסט [הויפטזעכליך מיליטערישע]; שטייער; לייסטונג, ארבייט, קראפט.

du'ty bound (דיו'-טי באונד) פערפפליכטעט.

A captain of a ship is in duty bound to safeguard the lives of his passengers.

du'ty-free *a.* (דיו'-טי-פריע) פריי פון צאל.

du'ty-la'bor *n.* (דיו'-טי-ליי'-באר) פאנשטשיזנע, ארבייט פון לייב=אייגענע [די געצוואונגענע ארבייט וואס די פויערים פלעגען טהאן פאר דעם גוטס=בעזיצער].

duum'vir *n.* (דיו-אמ'-וויר) א דואומוויר, איינער פון די צוויי בעאמטע אין אלטען רוים, וואס פלעגען געמיינשאפטליך פערטרעטען איין און דעמזעלבען אמט.

duum'virate *n.* (דיו-אמ'-ווי-רייט) דער דואומוויראט, די צווילינג=הערשאפט אדער צווילינג=פערוואלטונג [אין אלטען רוים], א פעראייניגונג פון צוויי מענשען אין איין און דעמזעלבען אמט; דאס אמט, וועלכען עס האבען פערטראטען צוויי מענשען.

D-valve *n.* (די'-וועלוו) א ווענטיל פון א דאמפף=מאשין=צילינדער וואס האט דעם אויסזעהן פון *D*.

dwarf *n., v. and a.* (דהוואהרף) א קארליק, א צווערג, איינער אדער עטוואס וואס איז אויסערגעוועהנליך קליין; מאכען פאר א קארליק, שטערען דעם וואוקס, מאכען קליין, פערקלענערען, מאכען אזוי, אז איינער אדער עטוואס זאל אויסזעהן זעהר קליין; ווערען קליין; ווערען א קארליק; קליין=געוויקסיג.

dwar'fish *a.* (דהוואהר'-פיש) קליין=געוויקסיג; קליינליך, פערעכטליך.

dwar'fishly *adv.* (דהוואהר'-פיש-לי) ווי א קארליק [צווערג]: דורך קליינקייט, דורך וועניגקייט.

dwarf'ling *n.* (דהוואהרפ'-לינג) א קליין קארליקעל, א קליין צווערגעל.

dwarf'-tree *n.* (דהוואהרף'-טריע) דער קארליק=בוים, דער צווערג=בוים.

dwar'fy *a.* (דהוואהר'-פי) קליין, ווי א קארליק.

dwell *v.* (דהוועל) וואהנען; בלייבען, זיך אבשטעלען, פערווײלען; פארטזעצען, אנהאלטען.

To dwell in a palace is not always to be happy.

dwell'er *n.* (דהוועל'-ער) אן איינוואהנער, א בעוואהנער.

dwell'ing *n.* (דהוועל'-אינג) א וואהנונג; א וואהנונגס-ארט; דאס וואהנען, דאס בע-וואהנען.

dwell'ing-house *n.* (דהוועל'-אינג-האוס) א וואהן-הויז.

dwell'ing-place *n.* (דהוועל'-אינג-פּליים) א וואהן-ארט.

dwelt (דהוועלט) געוואהנט, פערוויילט. ז. *dwell*

dwin'dle *v.* (דהווינדל) שווינדען, זיך פערמינדערען, ווערען ווייניגער; איינגע-שרומפּען ווערען; ווערען ערגער, געמיינער.

dwin'dle away' (דהווינדל ע-הוויי') פערשווינדען.

dwin'dle in'to (דהווינדל אינ'-טו) פערשווינדען, ווערען אלץ קלענער און קלענער, ווערען אלץ ערגער און ערגער; אונבעמערקט זיך פערוואנדלען אין עפּעס אדער איבערגעהן אין אן אנדער צושטאנד. Through bad investments his fortune dwindled into insignificance.

dwin'dlement *n.* (דהווינ'דל-מענט) דאס פערמינדערען זיך, דאס קלענער ווע-רען, דאס ווערען איינגעשרומפּען, דאס אויסצעהרען.

dwine *v.* (דהוואין) [דורך אבצעהרען א קראנקהייט].

dy'ad *n.* (דאי'-עד) א פּאר.

dyad'ic *a.* (דאי-עד'-איק) וואס איז שייך צו דער צאהל 2; וואס בעשטעהט פון צוויי טיילען אדער עלעמענטען.

dy'archy *n.* (דאי'-אר-קי) א רעגיערונג פון צוויי הערשער.

dye *n. and v.* (דאי) פארבען; א קאליר; פארב [צום פארבען].

dyed in the wool (דאיד אין טהי הוואול) דורך און דורך, פאלשטענדיג; עכט; איינגעווארצעלט, איינגענגעסען. He is a dyed in the wool Democrat.

dye'-house *n.* (דאי'-האוס) א פארבעריי.

dye'ing *n.* (דאי'-אינג) דאס פארבען.

dye in grain (דאי אין גריין) פארבען מיט עכטער פארב [וואס געהט ניט אב].

dy'er *n.* (דאי'-ער) א פארבער [הויפּט-זעכליך פון קליידער].

dy'er's-broom *n.* (דאי'-ערז-ברוהם) אזא פלאנצע וועלכע ווערט בענוצט צו מא-כען גרינע פארב.

dy'er's-green'weed *n.* (דאי'-ערז-גריען'-הוויעד) ז. *dyer's-broom*

dy'er's-weed *n.* (דאי'-ערז-הוויעד) אזא גראז פון וועלכען מען מאכט א געוויסע געלבע פארב.

dye'stone *n.* (דאי'-סטאון) אזא רויטער שטיין וועלכער געפינט זיך אין טענעסי [אמעריקא].

dye'stuff *n.* (דאי'-סטאף) פארב-שטאף, פארב-מאטעריאל.

dye'-tri'al *n.* (דאי'-טראי'-על) א פארב-פּראבע.

dye'-vat *n.* (דאי'-וועט) א פארב-וואנע אדער פארב-קעסעל.

dye'ware *n.* (דאי'-הוועהר) ז. *dyestuff*

dye'weed *n.* (דאי'-הוויעד) ז. *dyer's-broom*

dye'wood *n.* (דאי'-הוואוד) האלץ פון וועלכען עס ווערט געמאכט פארב.

dye'-works *n.* (דאי'-הוואירקס) א פאר-בעריי.

dy'ing *n. and a.* (דאי'-אינג) דאס שטאר-בען; שטארבענדיג, אויסהויכענדיג די נשמה; אבשטארבענדיג.

dy'ing breath (דאי'-אינג ברעטה) לעצ-טער אטעמצוג.

dy'ing clouds (דאי'-אינג קלאודז) פער-שווינדענדע וואלקענס.

dy'ing condi'tion (דאי'-אינג קאן-דיש'-אן) א שטארבענדער צושטאנד.

dy'ing eyes (דאי'-אינג איז) שמאכטענ-דע אויגען.

dy'ingly *adv.* (דאי'-אינג-לי) אויף א שטארבענדען אופן.

dy'ing song (דאי'-אינג סאהנג) דאס שוואנען-ליעד [דאס לעצטע ליעד].

dy'ing words (דאי'-אינג הוואירדז) די לעצטע ווערטער פאר'ן טויט.

dyke *n. and v.* (דאיק) ז. *dike*

dy'nagraph *n.* (דאי'-נע-גרעף) אן אפּא-ראט וואס ווערט בענוצט ביי אייזענבאה-נען אבצופּראבירען דעם צושטאנד פון די רעלסען, צו מעסטען די געשווינדקייט און די קראפט פון לאקאמאטיוו און וויפיעל קויהלען און וואסער ער פערצעהרט.

dy'nam *n.* (דאי'-נעם) [אן א פוס-פונט איינהייט מיט וועלכער עס ווערט געמאס-טען ארבייט. זי איז גלייך צו דער ארבייט וואס ווערט געלייסטעט ביים הויבען 1 פונט געוויכט אין דער הויך פון 1 פוס].

dynam'eter *n.* (דאי-נעמ'-ע-טער) א דינאמעטער [אן אינסטרומענט אבצופּרא-בירען די פערגרעסערונגס-קראפט פון טע-לעסקאפּען].

dynamet'ric *a.* (דאי-נע-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א דינאמעטער. ז. *dynameter*

dynamet'rical *a.* (דאי-נע-מעט'-רי-קעל) ז. *dynametric*

dynam'ic *n. and a.* (דאי-נעמ'-איק) דינאמיש; ווירקענד; בעוועגענד; וואס פּעראורזאכט אדער בריינגט ארויס בעווע-גונגען אדער ענדערונגען; וואס איז שייך צו מעכאנישע קרעפטע, וואס איז שייך צו בעוועגענדע קרעפטע; דינאמיק, דער טייל פון מעכאניק און פיזיק וועלכער לערענט וויא צו בערעכענען די בעוועגונג פון קער-פּער אין צוזאמענהאנג מיט די קרעפטע וועלכע ווירקען אויף זיי.

dynam'ical *a.* (דאי-נעמ'-אי-קעל) די-נאמיש; ווירקענד; בעוועגענד; וואס פער-אורזאכט אדער בריינגט ארויס בעוועגונ-גען אדער ענדערונגען; וואס איז שייך צו מעכאנישע קרעפטע; וואס איז שייך צו בעוועגענדע קרעפטע.

dynam'ically *adv.* (דאי-נעמ'-אי-קעל-אי) אויף א דינאמישען אופן, אין בעצוג צו דינאמיק. ז. *dynamic*

dynam'ic electric'ity (דאי-נעמ'-איק אי-לעק-טריס'-אי-טי) דינאמישע עלעק-טריציטעט, שטראם-עלעקטריציטעט [אין געגענזאץ צו סטאטישער עלעקטריצי-טעט].

dynam'ic geol'ogy (דאי-נעמ'-איק דזשי-אל'-א-דזשי) דינאמישע געאלאגיע [דער טייל פון געאלאגיע וואס בעשעפ-טיגט זיך מיט אויספארשען די נאטור און דעם כאראקטער פון די קרעפטע, וועלכע פעראורזאכען ענדערונגען אין דעם ערד-קוגעל].

dynam'ics *n.* (דאי-נעמ'-איקס) די די-נאמיק, די לעהרע וועגען בעוועגענדע קרעפ-טע.

dynam'ic the'ory (דאי-נעמ'-איק טהי'-א-רי) די דינאמישע טעאריע פון קאנט [די טעאריע דורך וועלכער דער פי-לאזאף עמנואל קאנט האט געוואלט ערקלע-רען די בעשאפונג פון מאטעריע און איהר נאטור. לויט דיזער טעאריע איז יעדע מאטעריע געשאפען געווארען דורך צוויי געגענזעצטע קרעפטע אדער פּרינציפּען, דורך אבשטויסונג און אנציהונג].

dy'namism *n.* (דאי'-נע-מיזם) דינא-מיזם, די טעאריע וואס בעהויפּטעט, אז אויסער מאטעריע פאדערט זיך נאך עט-וואס — ווי קראפט, ענערגיע א. ד. ג. — צו ערקלערען די ערשיינונגען פון דער נא-טור; די טעאריע, אז מעכאנישע ענערגיע איז מאטעריע; די טעאריע, אז אין דער וועלט געפינט זיך קיין זאך ניט וואס זאל ניט קענען ערקלערט ווערען דורך דעם פּרינציפּ פון ענערגיע; דאס זיין דינאמיש.

dy'namist *n.* (דאי'-נע-מיסט) אן אנ-הענגער פון דינאמיזם. ז. *dynamism*

dynamis'tic *a.* (דאי-נע-מיס'-טיק) וואס איז שייך צו דינאמיק. ז. *dynamic*

dy'namite *n. and v.* (דאי'-נע-מאיט) דינאמיט [א שטארק אויפרייסענדער שטאף, וואס בעשטעהט פון א געמיש פון ניטרא-גליצערין און א געוויסען זארט סיל-ציום ערד]; אויפרייסען מיט דינאמיט; אונטערמינעווען מיט דינאמיט.

dy'namite-gun *n.* (דאי'-נע-מאיט-גאן) א שיס-געוועהר וואס ווערט געלאדען מיט דינאמיט.

dy'namiter *n.* (דאי'-נע-מאי-טער) איי-נער וואס בענוצט דינאמיט פאר אונגע-זעצליכע צוועקען; איינער וואס בענוצט דינאמיט פאר טעראריסטישע צוועקען.

dynamit'ical *a.* (דאי-נע-מיט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דינאמיט; אויפריי-סענד, פערניכטענד.

dynamit'ically *adv.* (דאי-נע-מיט'-אי-קעל-אי) דורך דער הילף פון דינא-מיט; מיט אן אויפרייסענדער געוואלט.

dy'namiting *n.* (דאי'-נע-מאי-טינג) דאס פערניכטען אדער צושטערען מיט די-נאמיט; דאס טעראריזירען מיט דינאמיט.

dy'namitism *n.* (דאי'-נע-מאי-טיזם) די בענוצונג פון דינאמיט אדער אנדערע אויפרייסענדע שטאפען פאר דעם צוועק פון טעראר.

dynamiza'tion *n.* (דאי-נע-מי-זיי'-שאן) די פערגרעסערונג פון דער קראפט; די פערשטארקונג פון דער קערפּערליכער קראפט אדער פון די נערוועו.

dy'namize *v.* (דאי'-נע-מאיז) פער-שטארקען די קראפט פון קערפּער אדער פון די נערווען.

dy'namo *n.* (דאי'-נע-מאו) א דינאמא-מאשין, אן עלעקטרישע מאשין [א מאשין וואס פערוואנדעלט מעכאנישע ענערגיע אין עלעקטרישע].

dy'namo-elec'tric *a.* (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק) דינאמא-עלעקטריש, וואס איז שייך צו דער בעציהונג צווישען עלעק-טרישער ענערגיע און מעכאנישער; וואס פערוואנדעלט מעכאנישע ענערגיע אין עלעקטרישע אדער אומגעקעהרט.

dy'namo-elec'trical *a.* (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק-על) ז. *dynamo-electric*

dy'namo-elec'tric machine' (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק מע-שין') ז. *dynamo*

dynamogen'esis *n.* (דאי-נע-מא-דזשענ'-ע-סיס) ז. *dynamogeny*

dynamogen'ic *a.* (דאי-נע-מא-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער פערשטאר-קונג פון דער טהעטיגקייט פון די נערוועו.

dynamog'eny *n.* (דאי-נע-מאדזש'-ע-ני) דאס פערשטארקען די טהעטיגקייט פון די נערווען.

dynam'ograph *n.* (דאי-נעמ'-א-גרעף)

א דינאמאגראף [אן אינסטרומענט צו מעסטען די מוסקעל-קראפט פון דער האנד].

dynamom'eter *n.* (דאי-נע-מאמ'-ע-טער) א דינאמאמעטער, א קראפט-מעסטער [א מאשין צו מעסטען די קראפט פון מענשען, טהיערע, מאשינען א. ד. ג.].



Dynamometer

dynamomet'ric *a.* (דאי-נע-מא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א דינאמאמעטער. ז. *dynamometer*

dynamomet'rical *a.* (דאי-נע-מא-מעט'-רי-קעל) ז. *dynamometric*

dynamom'etry *n.* (דאי-נע-מאמ'-ע-טרי) דאס בענוצען א דינאמאמעטער. ז. *dynamometer*

dy'nast *n.* (דאי'-נעסט) א הערשער; א הערשער, וועלכער גיט איבער זיין הערשאפט בירושה.

dynas'tic *a.* (דאי-נעס'-טיק) וואס איז שייך צו א רייהע הערשער פון איין אבשטאמונג, דינאסטיש.

dynas'tical *a.* (דאי-נעס'-טי-קעל) ז. *dynastic*

dynas'ticism *n.* (דאי-נעס'-טי-סיזם) קעניגליכע הערשאפט וואס געהט איבער בירושה; א רעגיערונג פון הערשער, וועלכע גיבען איבער זייער מאכט בירושה.

dy'nasty *n.* (דאי'-נעס-טי) א דינאסטיע, א הערשער-שטאם, דורות פון הערשער פון דעמזעלבען שטאם.

dyne *n.* (דאין) א קראפט-איינהייט [דאס איז די קראפט וואס קען בעוועגען 1 גראם-געוויכט אין 1 סעקונדע צייט די שטרעקע פון 1 סענטימעטער].

dysæsthe'sia *n.* (דיס-עס-טהי'-סי-א) אבטעמפונג פון עמפפינדליכקייט.

dys'crase *n.* (דיס'-קרייס) ז. *dyscrasia*

dyscra'sia *n.* (דיס-קריי'-סי-א) א קרענקליכער צושטאנד.

dyscras'ic *a.* (דיס-קרעס'-איק) קרענקליך, ניט געזונד; וואס איז שייך צו א קרענקליכען צושטאנד.

dysenter'ic *a.* (דיס-ען-טער'-איק) וואס איז שייך צו דיזענטעריע, רויטע רוהר אדער בלוט-שלשול. ז. *dysentery*

dysenter'ical *a.* (דיס-ען-טער'-אי-קעל) ז. *dysenteric*

dys'entery *n.* (דיס'-ען-טער-אי) דיזענטעריע, רויטע רוהר אדער בלוט-שלשול [אן אנשטעקיגע קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין זעהר א שטארקען שלשול מיט בלוט, אין א שרעקליכען וועהטאג אין בויך און אין ווארפען דעם חולה אין היץ און אין קעלט].

dys'odile *n.* (דיס'-א-דיל) א מין גרינליך-גרויע אדער געלבליך-גרויע קויהלען, וועלכע לאזען ארויס א שטינקענדען גערוך בעת זיי ברענען.

dyspep'sia *n.* (דיס-פעפ'-סי-א) דיספעפסיע, שלעכטע פערדייאונג צוזאמען מיט פערלוסט פון אפעטיט.

dyspep'sy *n.* (דיס-פעפ'-סי) ז. *dyspepsia*

dyspep'tic *n. and a.* (דיס-פעפ'-טיק) וואס ליידט פון שלעכטער פערדייאונג; וואס איז שייך צו שלעכטער פערדייאונג; איינער וואס ליידט פון שלעכטער פערדייאונג; קרענקליך; פעסימיסטיש; מיט א זויער פנים.

dyspep'tical *a.* (דיס-פעפ'-טיק-על) ז. *dyspeptic*

dyspep'tic complaint' (דיס-פעפ'-טיק קאמ-פליינט') מאגען-שוואכקייט.

dyspha'gia *n.* (דיס-פיי'-דזשי-א) דיספאגיע אדער דאס שווערע שלינגען.

dys'phagy *n.* (דיס'-פיי-דזשי) ז. *dysphagia*

dyspho'nia *n.* (דיס-פאו'-ני-א) ז. *dysphony*

dys'phony *n.* (דיס'-פא-ני) די שוועריגקייט צו רעדען אויף'ן קול; דאס כריפען.

dyspnœ'a *n.* (דיספ-ניע'-ע) דאס שווערע אטעמען, די ענג-ברוסטיגקייט.

dysteleolog'ical *a.* (דיס-טעל-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) ניט טעלעאלאגיש, אהן צוועקמעסיגקייט, אהן אן ענד-ציעל.

dysteleol'ogy *n.* (דיס-טעל-אי-אל'-א-דזשי) די לעהרע, וועלכע אנערקענט ניט קיין צוועקמעסיגקייט אין נאטור און לעבען.

dzig'getai *n.* (דזיג'-גע-טאי) דער ווילדער אזיאטישער עזעל.

E

E, e (אי) דער פינפטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

E. אבקירצונג פון *east*

E *n.* (אי) אין מוזיק — די נאטע "ע" אדער "מי" [דער דריטער טאן פון א גאמע].

each *a. and pr.* (איטש) יעדער, יעדע, יעדעס.

each for the oth'er (איטש פאר טהי אטה'-ער) איינער פאר'ן אנדערען, סאלידאריש.

each oth'er (איטש אטה'-ער) איינער דעם אנדערען; געגענזייטיג.

ea'ger *a.* (איע'-גער) אייפריג, בעגיעריג נאך עפעס; מיט א שטארקען חשק צו עפעס; אויפגערעגט דורך א שטארקער שטרעבונג צו עפעס.

They were eager to go to Europe.

ea'gerly *adv.* (איע'-גער-לי) גיעריג, מיט א שטארקען חשק.

ea'gerly bent (איע'-גער-לי בענט) העפטיג גענייגט צו עפעס.

ea'gerness *n.* (איע'-גער-נעס) א שטארקע לוסט, א שטארקע שטרעבונג צו עפעס, גיערינקייט, העפטיגקייט, היציגקייט, אייפריגקייט.

ea'gle *n.* (איע'-גל) אן אדלער; א מיליטער-פאהן; א גאלדענע מטבע פון 10 דאלאר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; א קאפעדרא אדער סטענדער אין א קירכע, פון וועלכער דער גלח האלט זיין דרשה; אין ארכיטעקטור — דער פראנטאן פון א געביידע [דער אויבערשטער טייל פון פארענט-וואנד וואס איז ארומגערינגעלט מיט א דריי-עקיגען קארניז].

Eagle

ea'gle-eyed *a.* (איע'גל-איד) מיט אדלער-אויגען, שארפזיכטיג ווי אן אדלער.

ea'gle-owl *n.* (איע'גל-אול) די אדלער-סאווע [איינער פון די גרעסטע נאכט-פויגלען אין אייראפא].

ea'gle-sigh'ted *a.* (איע'גל-סאי'-טעד) וואס האט א שטארקע ראיה, שארפזיכטיג ווי אן אדלער.

ea'glestone *n.* (איע'גל-סטאון) דער אדלער-שטיין. ז. *aetites*

ea'glet *n.* (איע'-גלעט) א קליין אדלערל.

ea'gle-winged *a.* (איע'גל-הווינגד) מיט אדלער-פליגלען; שנעל ווי אן אדלער.

ea'glewood *n.* (איע'גל-הוואוד) אדלער-האלץ [שמעקעדיג האלץ פון אזיען. ווערט געברויכט צו רויכערען וויירויך].

ea'gre *n.* (איע'גר) א פלוצליכע אויפהייבונג פון וואסער אין א טייך אדער אזיערע, א געוויסער.

eal'derman *n.* (על'-דער-מען) ז. *ealdorman*

eal'dorman *n.* (על'-דאר-מען) דער עלטסטער פון דער פאלקספערזאמלונג ביי די אלטע אנגלא-זאקסען; דער פיהרער און קאמאנדיר אין מלחמה.

E. and O. E. (אבקירצונג פון די ווערטער *errors and omissions excepted*) א קאמערציעלער אויסדרוק אונטער א געשריבענער רעכנונג, אז אין פאל אויב דארטען וועלען זיך געפינען פעהלערען און גרייזען דארף די רעכנונג ווידער איבערגעקוקט ווערען.

ear *n. and v.* (איער) דאס אויער; דאס צוהערען זיך; אן אויערעל, א הענטעל; א זאנג; ארויסגעשטארצטע פעדערען אויף'ן קאפ [ווי ביי געוויסע פויגלען]; ארויסשפראצען אין זאנגען.

ear'ache *n.* (איער'-אייק) אויערען־וועהטאג.

ear'-brush *n.* (איער'-בראש) א מין בערשטעל אדער פענזעל צו רייניגען דעם אויער.

ear'-cap *n.* (איער'-קעפ) אן אויער־דע־קעל [א מין צודעק צו בעשיצען די אויע־רען פון קעלט].

ear'-deaf'ening *a.* (איער'-דעפ'נ-אינג) טויב־מאכענד, בעטויבענד.

ear'-drop *n.* (איער'-דראפ) אן אויער־רינגעל מיט א צינגעל וואס הענגט פון איהם אראב.

ear'-drop'per *n.* (איער'-דראפ'-ער) ז. *ear-drop*

ear'-drum *n.* (איער'-דראם) דאס פויק־הייטעל פון אויער; דער מיטעלסטער טייל פון אויער.

eared *a.* (איערד) מיט אויערען; מיט זאנגען; מיט ארויסגעשטארצטע פעדערען אויף'ן קאפ ווי אויערען [ווי ביי געוויסע נאכט־פויגלען].

ear'-fin'ger *n.* (איער'-פינ'-גער) דער קליינער פינגער.

ear'-flap *n.* (איער'-פלעפ) דער אראבגע־האנגענער אויער פון א הונד.

ear'-hole *n.* (איער'-האול) דאס לעכעל פון אויער.

ea'riness *n.* (איע'-רי-נעס) געפיהל פון געהיימניספאלען שרעק; דאס שרעקען זיך פאר אן אונבעוואוסטע זאך.

ear'-kiss'ing *a.* (איער'-קיס'-אינג) וואס זאגט א סוד אויף'ן אויער.

earl *n.* (אוירל) א גראף [אין ענגלאנד].

ear'-lap *n.* (איער'-לעפ) דאס אויער־לעפעל [דער ווייכער אונטערשטער טייל פון אויער]; אן אויער־דעקעל צו בעדעקען די אויערען צו שיצען זיי פון קעלט.

earl'dom *n.* (אוירל'-דאם) די הערשאפט אדער ווירדע פון א גראף [אין ענגלאנד].

ear'less *a.* (איער'-לעס) אהן אויערען.

ear'liest *adv.* (אויר'-לי-עסט) צום פריהעסטען; פריהער איידער אלע.

I shall call at the earliest moment possible.

ear'-lif'ter *n.* (איער'-ליפ'-טער) אן ארויסגעשטארצטער טייל פון א שנייד־מא־שין, וועלכער הויבט אויף די איינגעבויגע־נע זאנגען, כדי אבצושניידען זיי.

ear'like *a.* (איער'-לאיק) ווי אן אויער.

ear'liness *n.* (אויר'-לי-נעס) פריהצײ־טינקייט; דאס זיין דער ערשטער אדער צום ערשטען.

earl'-mar'shal *n.* (אוירל'-מאר'-שעל) דער לארד־מארשאל פון ענגלאנד, וועלכער איז דער הויפט צערעמאניען־מייסטער פון קעניגליכען הויף.

ear'-lock *n.* (איער'-לאק) א לאק האר וואס גרייזעלט זיך איבער דעם אויער [די מאדע פון ענגלישען אדעל אין די אמאלי־גע צייטען].

ear'ly *a. and adv.* (אויר'-לי) פריה, פריהצייטיג; דער ערשטער, די עהשטע; באלד, בעצייטענס.

ear'ly an'swer (אויר'-לי ענ'-סער) א גיכער ענטפער.

ear'ly bird (אויר'-לי בוירד) א "פריה־ער פויגעל" [איינער וואס קומט פריה צו דער ארבייט].

The early bird catches the worm.

ear'ly can'dle-light (אויר'-לי קענ'דל-לאיט) די ערשטע אבענד־שטונדען.

ear'ly hab'it (אויר'-לי העב'-איט) די געוואהנהייט פריה אויפצושטעהן.

ear'ly life (אויר'-לי לאיף) די יוגענד; די יוגענד־צייט.

ear'ly post (אויר'-לי פאוסט) מיט דער נעכסטער פאסט, גיך ווי מעגליך.

ear'ly ri'ser (אויר'-לי ראי'-זער) איי־נער וואס ליעבט פריה אויפצושטעהן.

ear'mark *n. and v.* (איער'-מארק) א צייכען וואס איינער מאכט אויף זיינע שעפ־סען א. ד. ג. אויפשניידענדיג ביי זיי אן אויער; א צייכען צו דערקענען; מאכען א צייכען אויף די שעפסען, אויפשניידענ־דיג ביי זיי אן אויער.

earn *n. and v.* (אוירן) ; ער־פערדיענען; ערווערבען; אבגעזעצט ווערען [ווי מילך]; אן אדלער.

ear'nest *n. and a.* (אויר'-נעסט) ערנסט; פלייסיג; העפטיג; מיט חשק, מיט כונה; ערנסטקייט; זיכערהייט; האנד־געלד; די ערשטע פרוכט.

ear'nestly *adv.* (אויר'-נעסט-לי) מיט ערנסט, אויפריכטיג.

ear'nest-mon'ey *n.* (אויר'-נעסט-מאנ'-אי) האנד־געלד, אן אויפגאב.

ear'nestness *n.* (אויר'-נעסט-נעס) ערנסטקייט, העפטיגקייט, פלייסיגקייט.

ear'ning *n.* (אויר'-נינג) פערדיענסט; בעלוינונג.

ear'nings *n.* (אויר'-נינגז) פערדיענסטען, שכירות, פרנסה.

ear'-pick *n.* (איער'-פיק) אן אויער־לעפעלע, אן אויער־שטעכער.

ear'-pier'cer *n.* (איער'-פיער'-סער) דאס אויער־פליגעלע [אזא אינזעקט, ווע־גען וועלכען מען גלויבט, אז ער קריכט אריין אין אויער און זשוזשעט דארט].

ear'-pier'cing *a.* (איער'-פיער'-סינג) גרילצענדיג אין די אויערען, לעכערענדיג די אויערען [וועגען א גרילצענדען הויכען קלאנג].

ear'-reach *n.* (איער'-ריטש) ז. *ear-shot*

ear'-ring *n.* (איער'-רינג) אן אויער־רינגעל.

ear'-shell *n.* (איער'-שעל) א מויערקאפ, א ים־מושעל.

ear'-shot *n.* (איער'-שאט) הער־ווייט־קייט, דער מרחק, פון וועלכען מען קען הערען.

ear'-split'ting *a.* (איער'-ספליט'-אינג) רייסענדיג די אויערען.

The children are making an ear-splitting noise.

earth *n. and v.* (אוירטה) די ערד, די וועלט, די איינוואהנער פון דעם ערד־קוי־געל; ערד; שמוץ; עטוואס וואס איז ניד־ריג אדער געמיין; א לאך, א קאנורע [פון חיות]; בעהאלטען, בעגראבען; זיך בע־האלטען, זיך בעגראבען.

earth'-ap'ple *n.* (אוירטה'-עפל) קאר־טאפעל.

earth'-au'ger *n.* (אוירטה'-אה'-גער) ז. *earth-borer*

earth'-bags *n.* (אוירטה'-בעגז) שאנ־צען־זעק [זעק מיט ערד, וועלכע מען שטעלט אויס אין פעסטונגען אלס שוץ־כיטעל געגען די פיינדליכע קאנאנען].

earth'-bank *n.* (אוירטה'-בענק) א דאמ־בע פון ערד.

earth'-bath *n.* (אוירטה'-בעטה) א בלא־טע־וואנע [אלס הייל־מיטעל].

earth'-board *n.* (אוירטה'-באורד) דאס שטרייכברעט ביים אקער־אייזען [דאס ברעטעל, וואס קעהרט אראב די ערד פון אקער־אייזען].

earth'-bob *n.* (אוירטה'-באב) א רעגען־ווארים.

earth'-bor'er *n.* (אוירטה'-באור'-ער) אן ערד־בויערער [אן אינסטרומענט צו בויערען אין דער ערד].

earth'-born *a.* (אוירטה'-בארן) געבא־רען פון דער ערד; פון אירדישער אבשטא־מונג; געמיין, נידריג.

earth'-bound *a.* (אוירטה'-באונד) בע־פעסטיגט צו דער ערד אדער דורך דעם דרוק פון דער ערד; האבענדיג אירדישע אינטערעסען.

earth'-bred *a.* (אוירטה'-ברעד) נידריג, געמיין.

ear'then *a.* (אויר'טהן) געמאכט פון ערד, ליים א. ד. ג.

ear'thenware *n.* (אויר'טהן-הוועהר) לייםענע כלים, טעפער־וואארע.

earth'-fast *a.* (אוירטה'-פעסט) פעסט אין דער ערד.

earth'-flax *n.* (אוירטה'-פלעקס) דער אמיאנט, דער בארג־פלאקס, דער שטיין־פלאקס [א מין אסבעסטאס אדער ווייכער מינעראל].

ear'thiness *n.* (אויר'-טהי-נעס) דאס זיין פון ערד; דאס ענטהאלטען ערד; חומר'דיג־קייט; גראבקייט.

earth'liness *n.* (אוירטה'-לי-נעס) איר־דישקייט, וועלטליכקייט [אין געגענזאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען].

earth'ling *n.* (אוירטה'-לינג) א בעל עולם הזה; איינער וואס איז אירדיש, וועלטליך [אין געגענזאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען]; אן ערד־איינוואהנער, א שטערבליכער.

earth'ly *a.* (אוירטה'-לי) אירדיש, וועלט־ליך, קערפערליך, מאטעריעל [אין געגענ־זאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען]; וואס געפינט זיך אויף אדער וואס שטאמט פון דער ערד; פערשטענדליך, קלאר.

earth'ly-min'ded *a.* (אוירטה'-לי-מאינ'-דעד) וואס האט אין זינען נור עולם הזה אדער נור דעם חומר; וועלט־ליך געזאנען.

earth'ly-min'dedness *n.* (אוירטה'-לי-מאינ'-דעד-נעס) דאס האבען אין זי־נען נור עולם הזה זאכען; תאוות; וועלט־ליכקייט.

earth'ly use (אוירטה'-לי יוס) מאטע־ריעלע נוצען, מאטעריעלער ווערטה; נוץ, ווערטה.

The woman's hat of last season is of no earthly use now.

earth'nut *n.* (אוירטה'-נאט) דער ערד־נוס אדער פינאט; דאס קעפעל פון געווי־סע אייראפעאישע ברייטע גראזען וואס וואקסען אין פייכטע ערטער.

earth'quake *a.* (אוירטה'-קהוויק) אן ערדציטערניש.

earth'-shine *n.* (אוירטה'-שאין) אין אסטראנאמיע — דער אבשיין פון דער ערד [דער שוואכער שיין וואס זעהט זיך אויף דער זייט פון דער לבנה, וועלכע איז ניט בעלויכטען פון דער זון. דיעזע שיין נעהמט זיך פון דעם, וואס די ערד שיינט זיך אב אויף דער לבנה].

earth'-ta'ble *n.* (אוירטה'-טייבל) אין ארכיטעקטור — דער פיער־עקיגער פונדא־מענט, אויף וועלכען עס שטעהט די וואנד פון א געביידע אדער א זייל.

earth'-wall *n.* (אוירטה'-הוואהל) אן ערד־וואנד [ווי פון א פעסטונג].

earth'ward *adv.* (אוירטה'-הווארד) אין דער ריכטונג צו דער ערד.

earth'work *n.* (אוירטה'-הווירק) דער ערד־בוי, יעדע ארט בויען וואס בעשטעהט אין אויסגראבען אדער אנשיטען ערד.

earth'worm *n.* (אוירטה'-הווירם) דער

ערד-וואָרים אדער רעגנ-וואָרים; א גע-מיינער מענש.

ear'thy *a.* (אויר'-טהי) וואָס געהערט צו דער ערד; געמאַכט פון ערד; אַזוי ווי ערד; גראָב, רויה.

ear'thy frac'ture (אויר'-טהי פּרעק-טשור) אין אָבגעבראָכענער שטיק מינעראַל, וואו די אָבגעבראָכענע זייט איז ניט גלאַט, נאָר שאַרסטקע ווי ערד.

ear'-trum'pet *n.* (איער'-טראָמ'-פּעט) אַן אויערען-רעהר אדער שפּרעכרעהר [אַן אַפּאַראַט צו הערען. ווערט בענוצט פון טויבע].

ear'-wax *n.* (איער'-הוועקס) אויערען-וואַקס [די געלבע מאַטעריע וואָס קלייבט זיך אָן אין די אויערען]. ז. *cerumen*.

ear'wig *n. and v.* (איער'-הוויג) דאָס אויער-פליעגעלע [אַן אינזעקט, וועגען וועלכען מען גלויבט, אַז ער קריכט אַריין אין אויער און זשוזשעט דאָרט]; שעפּ-טשען אויף'ן אויער, טרייבען רכילות.

Earwig

ear'-wire *n.* (איער'-הוואיר) אַן אויער-רינגעל.

ear'-wit'ness *n.* (איער'-הוויט'-נעס) אַן עדות וואָס האָט אַליין געהערט; איי-נער וואָס קען בעשטעטיגען אַ זאַך דער-מיט, וואָס ער האָט אַליין געהערט.

ease *n. and v.* (איעז) רוה; לייכטיג-קייט; בעקוועמליכקייט; בערוהיגען; איינ-שטילען; פערלייכטערען; מילדערען.

ease away' (איעז ע-הוויי') לאַנגזאַם אומדרעהען אדער קירעווען אַ שיף.

ease'ful *a.* (איעז'-פול) פריעד-ליך; רוהיג; בעקוועם.

ease'fully *adv.* (איעז'-פול-אי) מיט רוה, מיט שטילקייט.

ease'fulness *n.* (איעז'-פול-נעס) רוה, בעקוועמליכקייט.

ease her! (איעז הויר) האַלט איין! [אַ בעפעהל צו פער-קלענערען די געשווינ-דיגקייט פון אַ דאַמפּף-מאַשין].

ea'sel *n.* (איעזל) אַ געשטעל אדער שטענ-דער צום האַלטען אַ בילד אדער אַ צייכענ-ברעט א. ד. ג.

Easel

ease'less *a.* (איעז'-לעס) אונ-רוהיג; אונ-בעקוועם.

ea'sel-pic'ture *n.* (איע'זל-פּיק'-טשור) אַ בילד וואָס שטעהט אויף אַ געשטעל אדער אַ שטענדער.

ea'sel-piece *n.* (איע'זל-פּיעס) ז. *easel-picture*.

ease'ment *n.* (איעז'-מענט) לינדערונג, ערלייכטערונג; בעקוועמליכקייט; דאָס רעכט אויף געוויסע בעקוועמליכקייטען אויף פרעמדען לאַנד [ווי דאָס רעכט אויף אַ דורכגאַנג א. ד. ג.].

ease up! (איעז אַפּ) לאַנגזאַם!

ea'sily *adv.* (איע'-זי-לי) אויף אַ לייכ-טען אופן; מיט לייכטקייט; לייכט, גרינג.

ea'sily huffed (איע'-זי-לי האַפד) וואָס צינדעט זיך לייכט אָן, וואָס ווערט לייכט אין כעס.

ea'siness *n.* (איע'-זי-נעס) לייכטקייט; רוהינקייט; בעקוועמליכקייט; בערייטווי-ליגקייט, נאָכגיביגקייט.

ea'siness of belief' (איע'-זי-נעס אָוו בי-ליעף') לייכטגלויביגקייט.

ea'siness of mind (איע'-זי-נעס אָוו מאינד) געמיטס-רוה.

ea'siness of style (איע'-זי-נעס אָוו סטאיל) אַ לייכטער, פליסיגער סטיל.

east *n., a., adv. and v.* (איעסט) מזרח-זייט; פון מזרח-זייט; צו מזרח-זייט, אין דער ריכטונג פון מזרח-זייט; בעווע‍גען אדער ווענדען צו מזרח-זייט.

east'-about' *adv.* (איעסט'-ע-באַוט') צו מזרח-זייט; אין דער ריכטונג פון מזרח-זייט.

Eas'ter *n. and a.* (איעס'-טער) אָסטע-רען, פּאַסכאַ [דער קריסטליכער פּסח]; דער אידישער פּסח; וואָס איז שייך צו פּאַסכאַ אדער פּסח.

Eas'ter day (איעס'-טער דיי) אָסטער-טאָג, דער טאָג אין וועלכען פּאַסכאַ פאַלט אויס.

Eas'ter eggs (איעס'-טער עגז) אָסטער-אייער, געפאַרבטע אייער וועלכע ווערען געשאָנקען אום פּאַסכאַ.

Eas'ter eve (איעס'-טער איוו) אָסטער-אָבענד, דער הייליגער אָבענד ערב פּאַסכאַ.

eas'terling *n.* (איעס'-טער-לינג) איי-נער וואָס שטאַמט פון די מזרח-לענדער; איינער וואָס קומט פון די אָריענטאַלישע לענדער [ווי פּאַלעסטינאַ, אַראַביען, עגיפּ-טען א. ד. ג.]; אַן אַלטע ענגלישע זיל-בערנע פּעני.

eas'terly *adv. and a.* (איעס'-טער-לי) צו מזרח-זייט, אין דער ריכטונג צו מזרח-זייט; וואָס איז אין מזרח-זייט; וואָס איז געריכטעט צו מזרח-זייט.

eas'tern *a.* (איעס'-טערן) וואָס איז אין מזרח-זייט; וואָס געהט צו מזרח; וואָס איז שייך צו מזרח-זייט; אָריענטאַליש.

Eas'tern *n.* (איעס'-טערן) אַ מיטגליעד פון דער אָרטאָדאָקסישער גריכישער קירך.

East In'dia (איעסט אינ'-די-אַ) אָסט-אינדיען.

East In'dies (איעסט אינ'-דיז) אָסט-אינדיען.

eas'ting *n.* (איעס'-טינג) דאָס קומען נעהנטער צו מזרח-זייט; די שטרעקע וואָס אַ שיף איז אָבגעגאַנגען צו מזרח-זייט.

east'land *n.* (איעסט'-לענד) מזרח-לענ-דער, דער אָריענט.

east'ling *a.* (איעסט'-לינג) וואָס איז אין מזרח-זייט.

East Side (איעסט סאַיד) דער אידישער קוואַרטאַל אין ניו יאָרק.

The East Side of New York is thickly populated.

east'ward *a. and adv.* (איעסט'-הוואָרד) וואָס איז געריכטעט צו מזרח-זייט; וואָס איז אין דער ריכטונג פון מזרח-זייט; אין דער ריכטונג צו מזרח-זייט.

east'wardly *adv.* (איעסט'-הוואָרד-לי) ז. *eastwards*.

east'wards *adv.* (איעסט'-הוואָרדז) צו מזרח-זייט.

east'-wind *n.* (איעסט'-הווינד) מזרח-ווינד.

ea'sy *a.* (איע'-זי) לייכט; רוהיג.

ea'sy as shell'ing peas (איע'-זי עז שעל'-אינג פּיעז) לייכט ווי אַ האָר פון מילך.

ea'sy-chair *n.* (איע'-זי-טשעהר) דער לעהנשטוהל, אַ שטוהל געמאַכט געוואָרען צו פיהלען זיך אין איהם בעקוועם.

ea'sy cir'cumstances (איע'-זי סויר'-קאָמ-סטענ-סעז) גוטע אומשטענדען, פער-מעגליכקייט, וואָהלהאָבענקייט.

ea'sy-go'ing *a.* (איע'-זי-גאָו'-אינג) לייכט, לעבעדיג, וואָס נעהמט זיך ניט צום האַרצען.

ea'sy-mel'ting *a.* (איע'-זי-מעל'-טינג) וואָס שמעלצט זיך לייכט, וואָס צוגיסט זיך, ניט זעלבסטשטענדיג.

ea'sy of ac'cess (איע'-זי אָוו עק'-סעס) לייכט צוגענגליך.

ea'sy of belief' (איע'-זי אָוו בי-ליעף') לייכטגלויביג.

ea'sy to suit (איע'-זי טו סיוט) לייכט צו בעפרידיגען.

ea'sy-yiel'ding *a.* (איע'-זי-ייל'-דינג) נאָכגעביג.

eat *v.* (איעט) עסען; ערנעהרען זיך.

ea'table *a. and n.* (איע'-טעבל) עס-באַר; פאַרטיג צום עסען; אַ שפּייז-אַרטי-קעל.

ea'tage *n.* (איע'-טערדזש) פוטער אדער שפּייז פאַר בהמות פון די תבואות וואָס זיינען געזייהט געוואָרען דעם צווייטען מאָל אין דעמזעלבען יאָהר.

eat away' (איעט ע-הוויי') אויפפרעסען, פערניכטען.

eat dirt (איעט דוירט) ערנידריגען זיך; אַראָבשלינגען די אייגענע ווערטער.

ea'ten (איעטן) ז. *eat* געגעסען.

eat hum'ble-pie (איעט האָמ'בל-פּאַי) זיין געניטיגט צו בויגען דעם קאָפּ; זיין געניטיגט אונטערצוגעבען זיך.

ea'ting *n. and a.* (איע'-טינג) דאָס עסען, דאָס קייען; שפּייז, עסענוואַרג; וואָס עסט אויס, וואָס עסט פּאַנאַנדער.

ea'ting-house *n.* (איע'-טינג-האַוס) אַ גאַרקיך; אַ רעסטאָראַנט.

eat one's head off (איעט הוואָנז העד אָף) האָבען ווייניגער נוצען פון איינעם ווי עס קאָסט דאָס אויסהאַלטען איהם.

eat one's heart (איעט הוואָנז האַרט) זיך אויפעסען דאָס האַרץ; טרויערען.

eat one's words (איעט הוואָנז הווירדז) צוריקנעהמען די ווערטער, צו-ריקציהען אַ בעהויפּטונג.

eat out of house and home (איעט אַוט אָוו האַוס ענד האָום) אָבעסען איינעם דעם קאָפּ, מאַכען איינעם אָרעם, לעבענדיג און פערשווענדעריש געלד אויף יענעמס רעכנונג.

eat the leek (איעט טהי ליעק) צוריק-ציהען אַ בעליידיגונג.

eat toads (איעט טאָודז) אונטערלע-קען, חנפ'ענען.

eau de Cologne' (אָו דע קאָ-לאָון') או-דע-קאָלאָן, אַ פּאַרפיום געמאַכט פון ספּירט און עטער-אויל.

eau de Paris' (אָו דע פּאַ-ריי') אַ מין או-דע-קאָלאָן. ז. *eau de Cologne*.

eau'-de-vie' *n.* (אָו'-דע-ווי') שנאַפּס, בראַנפען [אין פראַנקרייך].

eaves *n.* (איעווז) די ברע-רינג; די ברע-גען פון אַ דאַך; אַרויסגעשטאַרצטע ברע-גען.

eaves'-board *n.* (איעווז'-באָורד) אַ דיק ברעט צוגעשלאָגען צום אונטערשטען טייל פון די קראָקוועס פון אַ דאַך, אויף וועלכען עס לעגט זיך אויס דער ערשטער צייל פון די שינדלען.

eaves'-catch *n.* (איעווז'-קעטש) ז. *eaves-board*.

eaves'-drop *n.* (איעווז'-דראָפּ) דאָס וואַסער וואָס קאַפּעט פון אַ דאַך.

eaves'drop *v.* (איעווז'-דראָפּ) ליעגען

אונטער א פענסטער און צוקוקען זיך וואס עס טהוט זיך אין שטוב; שטעהן הינטער דער טהיר און איינהערען זיך וואס מען רעדט; אונטערהערען א פרעמדען שמועס.

eaves'dropper *n.* (איעווז'-דראפ-ער) איינער וואס הערט זיך איין אין געהיים צו א פרעמדען געשפרעך.

eaves'dropping *n.* (איעווז'-דראפ-אינג) דאס אונטערהערען וואס אנדערע רעדען.

eaves'-swal'low *n.* (איעווז'-סהוואל'-או) א מין שוואלב. וואס בויט איהר נעסט אונטער'ן דאך פון א הויז און מאכט איהם פון קויט און ליים אין דער פארם פון א פלאש.

ebb *n. and v.* (עב) די עבע [דער צוריקפאל נאך דעם רעגעלמעסיגען צופלוס פון דעם וואסער אין ים (פלוט), וואס ווידערהאלט זיך צוויי מאל אין מעת-לעת]; א צוריקפלוס; א זינקען; דאס שטופענווייזע פאלען אדער פערקלענערען זיך; צוריקפליסען, צוריקקעהרען [ווי דאס וואסער אין ים בעת דער עבע]; אבפאלען, זיך פערקלענערען, זינקען.

ebb and tide (עב ענד טאיד) עבע און פלוט [דאס אבפאלען און דער צופלוס פון דעם וואסער אין ים, וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג צוויי מאל אין מעת-לעת. עבע און פלוט קומט אויך פאר אין די טייכען, ער איז דארט אבער ניט בעמערקבאר].

ebb'-tide *n.* (עב'-טאיד) די עבע. ז. **ebb**

E'bionism *n.* (אי'-בי-אנ-איזם) די לעהרע פון די אביונים. ז. ***Ebionite***

E'bionite *n. and a.* (אי'-בי-אנ-איט) אן אביון, אן עביאניט, א מיטגליעד פון א אידיש-קריסטליכער סעקטע, וואס האט עקזיסטירט צווישען צווייטען און פיערטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט-רעכנונג [די סעקטע האט אנערקענט יעזוס'ען אלס משיח און האט געגלויבט אין זיין געטליכער אבשטאמונג; זי האט זיך אבער אין דערזעלבער צייט פעסט געהאלטען אן דער אידישער תורה און האט ניט אנערקענט דעם אפאסטאל פאועל און זיינע שריפטען]; וואס איז שייך צו דער אביונים-סעקטע.

Ebionit'ic *a.* (אי-בי-אנ-איט'-איק) וואס איז שייך צו די אביונים אדער צו זייער סעקטע. ז. ***Ebionite***

E'bionitism *n.* (אי'-בי-אנ-איט-איזם) די לעהרע און דער גלויבען פון די עביאניטען אדער אביונים. ז. ***Ebionite***

eb'on *n. and a.* (עב'-אן) עבען-האלץ [א מין הארט שווארץ האלץ]; וואס איז געמאכט פון עבען-האלץ; עהנליך צו עבען-האלץ; שווארץ; הארט.

eb'onist *n.* (עב'-אנ-איסט) איינער וואס מאכט פערשיעדענע זאכען פון עבען-האלץ.

eb'onite *n.* (עב'-אנ-איט) אזא הארטע גומי.

eb'onize *v.* (עב'-אנ-איז) מאכען שווארץ [הויפטזעכליך האלץ אום עס צו מאכען עהנליך צו עבען-האלץ]; צוגעבען צו עפעס א קאליר פון עבען-האלץ.

eb'ony *n. and a.* (עב'-אנ-אי) עבען-האלץ [א מין שווארצעס הארטעס האלץ]; געמאכט פון עבען-האלץ; עהנליך צו עבען-האלץ.

ebul'lience *n.* (אי-באל'-יענס) דאס אויסזידען, דאס אויסלויפען, דאס אריבערלויפען; דאס זיין צו היציג אדער צו ענטוזיאסטיש.

ebul'liency *n.* (אי-באל'-יענ-סי) ז. ***ebullience***

ebul'lient *a.* (אי-באל'-יענט) אויסלויפענדיג [וועגען זידענדע פליסיגקייטען]; צו היציג, צופיעל ענטוזיאסטיש.

ebul'lioscope *n.* (אי-באל'-יא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו פרובען די שטארקייט פון ספיריט דורך דעם וואס עס ווערט בעשטימט דער זידע-פונקט.

ebulli'tion *n.* (עב-א-ליש'-אן) דאס זידען, דאס אויפזידען, דאס אויפקאכען; אן אויסברוך [פון געפיהלען].

ebur'nated *a.* (אי-בויר'-ניי-טעד) הארט ווי עלעפאנטביין [וועגען ביינער].

eburna'tion *n.* (עב-אויר-ניי'-שאן) דאס ווערען הארט ווי עלעפאנטביין [וועגען ביינער]; א קראנקהייט, פון וועלכער די ביינער ווערען הארט ווי עלעפאנטביין.

eb'urnine *a.* (עב'-אויר-נין) געמאכט פון עלעפאנטביין.

ec'ce ho'mo (עק'-סיע האו'-מאו) אט דאס איז דער מענש; א קינסטלערישע פארשטעלונג פון יעזוס'ען, וואס שטעלט איהם פאר מיט א דערנער-קרוין [ווי די לעגענדע דערצעהלט, האט זיך מיט דיעזע ווערטער געווענדעט צו די אידען דער רוימישער פראקאנסול פילאט, אנצייגענדיג זיי אויף יעזוס'ען].

eccen'tric *a. and n.* (עק-סענ'-טריק) עקסצענטריש; וואס געפינט זיך אויסער דעם צענטער אדער מיטעל-פונקט; אין געאמעטריע — וואס האבען ניט קיין געמיינשאפטליכען צענטער [וועגען קרייזען]; איבערשפאנט, פערשיעדען, וואס האבען ניט דיעזעלבע ריכטונג, שטרעבונג אדער ציעל; וואס שטימט ניט מיט דעם אלגעמיין אנגענומענעם; אונרעגעלמעסיג, אוננארמאל, מאדנע, אויסערגעוועהנליך; וואס איז שייך צו אן עקסצענטריקער [א מענש מיט אויסערגעוועהנליכע מאדנע געוואהנהייטען און האנדלונגען]; אן עקסצענטריקער; איינער אדער עטוואס וואס איז אוננארמאל, אונרעגעלמעסיג אדער אויסערגעוועהנליך; אין מעכאניק — אן עקסצענטער [א פארריכטונג צו פערוואנדלען א רעגעלמעסיגע קרייז-בעוועגונג אין א לינעארע בעוועגונג מיט אונטערברעכונגען]; אין אסטראנאמיע — א קרייז וואס ווערט בעשריבען ארום אן עליפסע [אן איי-פערמיגער קרייז]

eccen'trical *a.* (עק-סענ'-טרי-קעל) עקסצענטריש; וואס געפינט זיך אויסער דעם צענטער אדער וואס האבען ניט קיין געמיינשאפטליכען צענטער; איבערשפאנט, פערשיעדען אין ריכטונג, שטרעבונג אדער ציעל; וואס שטימט ניט מיט דעם אלגעמיין-אנגענומענעם; אונרעגעלמעסיג, אוננארמאל; אויסערגעוועהנליך; וואס איז שייך צו אן עקסצענטרישען מענשען.

eccen'trically *adv.* (עק-סענ'-טרי-קעל-אי) אויף אן עקסצענטרישען אדער איבערשפאנטען אופן; אויף אן אופן וואס איז אויסער דעם צענטער אדער וואס האט ניט דעמזעלבען צענטער.

eccen'tric-gear *n.* (עק-סענ'-טריק-גיער) די מאשינען-טיילען וואס געהערען צו דעם עקסצענטער, [ווי די שייבע, דער שטאנג א. ד. ג.].



Eccentric-gear

eccentric'ity *n.* (עק-סענ-טריס'-אי-טי) עקסצענטריציטעט; דאס אבווייכען פון צענטער; דאס ניט האבען קיין געמיינשאפטליכען צענטער [וועגען קרייזען]; דער אבשטאנד אדער די שטרעקע צווישען צוויי צענטערס פון צוויי קרייזען [בעזאנדערס ווען איין קרייז געפינט זיך אין דעם אנדערען]; דאס זיין איבערשפאנט, דאס זיין שטארק פערשיעדען פון דעם געוועהנליך אלגעמיין אנגענומענעם.

eccen'tric-rod *n.* (עק-סענ'-טריק-ראד) דער פערבינדונגס-שטאנג דורך וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען די עקסצענטרישע בעוועגונג פון א מאשין.

eccle'siarch *n.* (ע-קלי'-זי-ארק) דער עקלעזיארך, דער אויפזעהער איבער א קירך.

eccle'siast *n.* (ע-קלי'-זי-עסט) א גייסטליכער; דער פערפאסער פון קהלת.

Ecclesias'tes *n.* (ע-קלי-זי-עס'-טיז) דאס בוך קהלת [ספר קהלת].

ecclesias'tic *a. and n.* (ע-קלי-זי-עס'-טיק) קירכליך, גייסטליך; א גייסטליכער.

ecclesias'tical *a.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל) קירכליך, גייסטליך.

ecclesias'tical cal'endar (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל קעל'-ענ-דער) דער קירכען-קאלענדאר.

ecclesias'tical coun'cils (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל קאונ'-סילז) די פערזאמלונגען אדער סינאדען פון גייסטליכע, וועלכע בעשליסען פערשיעדענע פראגען פון רעליגיאן ווי אויך די פראגען וועגען די בעציהונגען פון דער קירך און מלוכה.

ecclesias'tical his'tory (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל היס'-טא-רי) די קירכען-געשיכטע.

ecclesias'tical law (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל לאה) קירכען-געזעץ.

ecclesias'tically *adv.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל-אי) דורך דער קירך; בנוגע צו די קירכליכע ענינים אדער איינריכטונגען.

ecclesias'tical pol'ity (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל פאל'-אי-טי) די פרינציפען און מעטאדען פון קירכליכער רעגיערונג.

ecclesias'ticism *n.* (עק-לי-זי-עס'-טי-סיזם) די איבערגעגעבענהייט צו די פרינציפען פון דער קירך אדער צו איהרע פארמען; די מאכט און אויטאריטעט פון די גייסטליכע.

Ecclesias'ticus *n.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קאס) דאס בוך פון "בן סירא".

ecclesiog'raphy *n.* (ע-קלי-זי-אג'-רע-פי) קירכען-געשיכטע [די געשיכטע פון די קירכען, ווי זיי זיינען געבויט, זייערע דאגמעס, זייערע כללים א. ד. ג.].

ecclesiolog'ic *a.* (ע-קלי-זי-א-לאדזש'-איק) ז. ***ecclesiological***

ecclesiolog'ical *a.* (ע-קלי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט אדער ארגאנישע קערפערשאפט; וואס איז שייך צו דער ארכיטעקטור-וויסענשאפט פון קירכען-בוי און קירכען-דעקאראציאנען.

ecclesiol'ogist *n.* (ע-קלי-זי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט; א קענער אין קירכען-ארכיטעקטור.

ecclesiol'ogy *n.* (ע-קלי-זי-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער

קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט; די ארכיטעקטור־וויסענשאפט פון קירכען־בוי און קירכען־דעקאראציאנען.

ec'dysis *n.* (עק'-די-סיס) דאס אראבווארפען אדער בייטען די פעדערען [ווי ביי פויגלען]; דאס אראבווארפען אדער בייטען די הויט [ווי ביי שלאנגען].

ech'elon *n. and v.* (עש'-ע-לאן) אן עשעלאן, דאס אויסשטעלען סאלדאטען אין א טרעפען־פערמיגער ארדנונג; אויסשטעלען אין א טרעפען־פערמיגער ארדנונג.

ech'inal *a.* (עק'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א ים־איגעל אדער ים־יאזשיק [אזא חיה'לע בעדעקט מיט דיקע שטעכעדיגע האר].

ech'inate *a.* (עק'-אי-נייט) מיט שטעכעדיגע האר, מיט שטאכלען, ווי א שטעכיגע בארשט.

ech'inated *a.* (עק'-אי-ניי-טעד) ז. *echinate*.

echi'nid *n.* (ע-קאי'-ניד) איינער פון דעם מין חיה'לעך צו וועלכע עס געהערט דער ים־איגעל.

Echin'idæ *n.* (ע-קאינ'-אי-דיע) דער מין חיות צו וועלכע עס געהערט דער ים־איגעל [אזעלכע חיה'לעך וואס זיינען בעדעקט מיט דיקע הארטע שטעכיגע האר].

echi'nidan *n.* (ע-קאי'-ני-דען) ז. *echinid*.

echi'niform *a.* (ע-קאי'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א ים־איגעל אדער ים־יאזשיק.

echi'noderm *a. and n.* (ע-קאי'-נא-דוירם) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות]; איינע פון די שטאכעל־הויטיגע חיות.

Echinoder'ma *n.* (ע-קאי-נא-דויר'-מא) ז. *Echinodermata*.

echinoder'mal *a.* (ע-קאי-נא-דויר'-מעל) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות].

Echinoder'mata *n.* (ע-קאי-נא-דויר'-מע-טא) די שטאכעל־הויט חיות [דער מין חיות וואס זייער הויט איז בעדעקט מיט קורצע דיקע שטעכעדיגע האר. צו דעם מין געהערט אויך דער ים־איגעל און דער שטערען־פיש].

echinoder'matous *a.* (ע-קאי-נא-דויר'-מע-טאס) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות].

echi'noid *a. and n.* (ע-קאי'-נאיד) וואס זעהט אויס ווי א ים־איגעל אדער ים־יאזשיק; איינע פון די חיות וואס זייער הויט איז בעדעקט מיט שטאכלען.

Echinoi'dea *n.* (עק-אי-נאי'-די-א) דער מין חיות צו וועלכען עס געהערט דער ים־איגעל אדער ים־יאזשיק.

echinoi'dean *a. and n.* (עק-אי-נאי'-די-ען) וואס איז שייך צו דעם מין ים־איגעל חיות; א ים־איגעל, אדער איינער פון דעם מין.

echi'nus *n.* (ע-קאי'-נאס) א ים־איגעל אדער א ים־יאזשיק; די אויבערשטע רונדע רינגפערמיגע ארויסשטארצונג פון א זייל.

ech'o *n. and v.* (עק'-או) אן עכא, א ווידער־קול; א בת קול; דאס ווידערהאלען דעם צווייטענס געפיהלען אדער געדאנקען; אין מוזיק — א נידריגע ווידערהאלונג פון א קורצער מוזיקאלישער פראזע דורך'ן ארקעסטער אדער ארגאן; אין ארכיטעקטור — א וואנד אדער געוועלב, וואס הילכט אב יעדען קלאנג און בעוועגונג; געבען א ווידער־קול; אבקלינגען צוריק; נאכאהמען, ווידערהאלען.

Ech'o *n.* (עק'-או) אין גריכישער מיטאלאגיע — די עכא, די נימפע אדער יעטין פון בערג, וועגען וועלכער עס דערצעהלט זיך, אז זי איז אזוי אויסגעגאנגען און פערטריקענט געווארען אין ליעבע צו נארציסען, דאס פון איהר איז איבערגעבליבען ניט מעהר ווי א שוואכער קול.

ech'o back (עק'-או בעק) ווידערהאלען, צוריקווארפען, נאכרעדען, נאכטהאן.

echom'eter *n.* (ע-קאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אינטערוואלען און די בעציהונגען פון קלאנגען איינער צום אנדערען.

echom'etry *n.* (ע-קאמ'-ע-טרי) די קונסט צו מעסטען דעם דויער, די אינטערוואלען און די בעציהונגען פון קלאנגען איינער צום אנדערען; אין ארכיטעקטור — די קונסט צו בויען א געביידע לויט די פרינציפען פון אקוסטיק [די לעהרע וועגען קלאנגען].

éclair' *n.* (איי-קלעהר') א קליינער לאנגליכער טארט אנגעפילט מיט שמאנט און בעגאסען מיט שאקאלאד אדער צוקער.

éclaircisse'ment *n.* (איי-קלעהר-סיס'-מאן) ערקלערונג; דאס מאכען קלאר אן עניין.

éclat' *n.* (איי-קלא') גלאנץ; רוהם; אפלאדיסמענטען; צושטימונג.

eclec'tic *a. and n.* (עק-לעק'-טיק) אויסקלייבענד, אויסוועהלענד; אן עקלעקטיקער, איינער וואס נעהמט ניט אן קיין פעסטבעשטימטע סיסטעם אין דער פילאזאפיע אדער וויסענשאפט, נאר ער נעהמט ארויס פערשיעדענע שטיקער פון פערשיעדענע סיסטעמען, אנערקענענדיג זיי פאר ריכטיג; אן אנהענגער פון דער אלטער עקלעקטישער פילאזאפיע, וועלכע האט פארגעשטעלט א צוזאמענמישונג פון פלאטאנישע, סטאאישע און עפיקורעאישע לעהרען; אין אלטען קריסטענטום — א קריסט וואס שטרעבט צו פעראייניגען די פלאטאנישע פילאזאפיע מיט די לעהרען פון עוואנגעליום; אין מעדיצין — א דאקטאר, וועלכער בענוצט בעזונדערע טיילען פון פערשיעדענע הייל־סיסטעמען.

eclec'tical *a.* (עק-לעק'-טי-קעל) אויסוועהלענד, עקלעקטיש.

eclec'tically *adv.* (עק-לעק'-טי-קעל-אי) דורך אויסקלייבונג; אויף אן עקלעקטישען שטייגער.

eclec'ticism *n.* (עק-לעק'-טי-סיזם) עקלעקטיזם, די מעטאדע פון עקלעקטיקער, דאס אננעהמען אדער אנערקענען בעזונדערע טיילען פון פערשיעדענע סיסטעמען פון דער פילאזאפיע, מעדיצין א. ד. ג.

eclipse' *n. and v.* (אי-קליפס') אין אסטראנאמיע — די פערפינסטערונג פון דער זון אדער לבנה [לקוי חמה אדער לקוי לבנה]; דאס אנווערען דעם גלאנץ אדער כבוד; פערפינסטערען; פערטונקלען, בעדעקען מיט א שאטען; אראבנעהמען דעם גלאנץ.

eclip'sis *n.* (אי-קליפ'-סיס) א פערפינסטערונג; דאס ארויספאלען פון א קלאנג אדער בוכשטאב פון א ווארט; דאס פאלען אין חלשות, דאס פלוצליכע פערלירען דאס בעוואוסטזיין.

eclip'tic *a. and n.* (אי-קליפ'-טיק) פערפינסטערנד, פערטונקלענד; וואס איז שייך צו לקוי חמה אדער לקוי לבנה; אין אסטראנאמיע — דער עקליפטיק, דער שיינבארער קרייז, וועלכען די זון מאכט אין איהר גאנג ארום דער ערד אין דעם משך פון א יאהר.

ec'logue *n.* (עק'-לאג) אן עקלאג, א הירטען־ליעד, א דארף־ליעד.

econom'ic *a.* (אי-קא-נאמ'-איק) עקאנאמיש, שפארזאם; וואס איז שייך צום ווירטשאפטליכען לעבען אדער צו די עקאנאמישע בעציהונגען פון מענשען.

econom'ical *a.* (אי-קא-נאמ'-אי-קעל) ז. *economic*.

econom'ically *adv.* (אי-קא-נאמ'-אי-קעל-אי) אויף אן עקאנאמישען, שפארזאמען שטייגער; בנוגע צו די עקאנאמישע בעציהונגען.

econom'ics *n.* (אי-קא-נאמ'-איקס) פאליטישע עקאנאמיע [די וויסענשאפט, וועלכע פארשט די געזעצען פון ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א געוויסען לאנד, ווי אויך די בעדינגונגען פון פראדוקציאן און פערטיילונג פון רייכטימער].

econ'omise *v.* (אי-קאנ'-א-מאיז) ז. *economize*.

econ'omist *n.* (אי-קאנ'-א-מיסט) איינער וואס לעבט עקאנאמיש אדער שפארזאם; אן עקאנאמיסט, א קענער פון פאליטישער עקאנאמיע.

econ'omize *v.* (אי-קאנ'-א-מאיז) פיהרען אדער פערוואלטען אויף אן עקאנאמישען אופן; עקאנאמיזירען, אבשפארען.

econ'omizer *n.* (אי-קאנ'-א-מאי-זער) א שפארזאמער מענש; אן אפאראט אין א מאשין אויסצונוצען שוין געברויכטע דאמפף אדער היץ.

econ'omy *n.* (אי-קאנ'-א-מי) עקאנאמיע, הויזהאלטונג, פערוואלטונג פון א ווירטשאפט; שפארזאמקייט; ארדנונג, סיסטעם.

ecphrac'tic *a. and n.* (עק-פרעק'-טיק) אין מעדיצין — וואס מאכט שוואך דעם מאגען, וואס פיהרט אב; אן אבפיהר־מיטעל.

ec'stasy *n.* (עק'-סטע-סי) עקסטאז, א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג.

ecstat'ic *a.* (עק-סטעט'-איק) וואס קומט ארויס פון העכסטער ענטציקונג; אין עקסטאז, אין זעהר א הויכער בעגייסטערונג.

ecstat'ical *a.* (עק-סטעט'-אי-קעל) ז. *ecstatic*.

ecstat'ically *adv.* (עק-סטעט'-אי-קעל-אי) דורך עקסטאז, דורך העכסטער ענטציקונג.

ec'toblast *n.* (עק'-טא-בלעסט) אין ביאלאגיע — די אויסערליכע זייט פון א צעלע.

ectoblas'tic *a.* (עק-טא-בלעס'-טיק) וואס בעלאנגט צו דער אויסערליכער זייט פון א צעלע.

ec'toderm *n.* (עק'-טא-דוירם) אין עמבריאלאגיע — די עקטאדערמא [פון דעם אייעלע פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לעבעדיגע בעשעפעניש, בילדעט זיך אויס צוערשט אין מוטער'ס בויך די "גאסטרולא" אדער א מין זעקעלע, פון וועלכען די ווענטלעך בעשטעהען פון צוויי בעזונדערע שיכטען אדער הייטלעך — אן אויסערליכע און אינערליכע. דאס אויסערליכע הייטעל פון דיעזען זעקעלע רופט זיך "עקטאדער א" און פון איהר בילדען זיך אויס די אויסערליכע טיילען פון קערפער; דאס אינערליכע הייטעל רופט זיך "ענדאדערמא" און פון איהם בילדען זיך אויס די אינערליכע טיילען פון קערפער].

ectoder'mal *a.* (עק-טא-דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער עקטאדערמא. ז. *ectoderm*

ectoder'mic *a.* (עק-טא-דויר'-מיק) ז. *ectodermal*

ectro'pion *n.* (עק-טראו'-פי-אן) ז. *ectropium*

ectro'pium *n.* (עק-טראו'-פי-אם) אזא קראנקהייט, ווען געוויסע טיילען פון קערפער [ווי די אויגען-לעדלעך אדער אנדערע עהנליכע טיילען] זיינען איבערגעקעהרט.

ec'type *n.* (עק'-טאיפ) א קאפיע, אן אבדרוק פון אריגינאל.

ectypog'raphy *n.* (עק-טי-פאג'-רע-פי) די מעטאדע צו מאכען אויף'ן כעמישען אופן גראווירונגען אזוי, אז די בוכשטאבען אדער פיגורען זאלען זיין בולט [רעליעף].

ecumen'ic *a.* (עק-יו-מענ'-איק) ז. *ecumenical*

ecumen'ical *a.* (עק-יו-מענ'-אי-קעל) אלגעמיין, אלוועלטליך; וואס בעלאנגט צו דער גאנצער קריסטליכער קירך.

ecumen'ical coun'cil (עק-יו-מענ'-אי-קעל קאונ'-סיל) א בעראטונג, צו וועלכער עס ווערט געלאדען די גאנצע קריסטליכע קירך [אין דער ווירקליכקייט אבער איז עס נור דער פאל ביי דער רוימיש-קאטוילישער קירך].

ec'zema *n.* (עק'-זע-מא) [א עקזעמא הויט-קראנקהייט וואס ווערט כאראקטעריזירט מיט בייסעניש און פייכטע לישאיעס וועלכע שיילען זיך ווען זיי ווערען טרוקען].

eczem'atous *a.* (עק-זעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון עקזעמא. ז. *eczema*

eda'cious *a.* (אי-דיי'-שאס) וואס איז שטארק איבערגעגעבען צו דער אכילה; פרעסעריש, גיעריג.

eda'ciously *adv.* (אי-דיי'-שאס-לי) מיט גיערינקייט; פרעסענד; אויף א פרעסערישען אופן.

eda'ciousness *n.* (אי-דיי'-שאס-נעס) ז. *edacity*

edac'ity *n.* (אי-דעס'-אי-טי) גיערינקייט, פרעסעריי, איבערגעגעבענהייט צו דער אכילה.

Ed'da *n.* (עד'-א) עדא, א זאמלונג פון סקאנדינאווישע לעגענדען; א זאמלונג פון די אלטע איסלענדישע פאעמען.

Edda'ic *a.* (ע-דיי'-איק) ז. *Eddic*

ed'der *v.* (עד'-ער) פערבינדען אדער פלעכטען מיט פלעכט-האלץ; מאכען קערב פון פלעכטהאלץ.

Ed'dic *a.* (עד'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס איז געשריבען אין סטיל פון עדא. ז. *Edda*

ed'dy *n.* and *v.* (עד'-אי) א קרייז-פערמיגע שטרעמונג, א ווירבעל; זיך בעוועגען קרייזפערמיג, ווירבלען; פעראורזאכען א ווירבעל אדער א קרייזפערמיגע בעוועגונג.

ed'dy-wa'ter *n.* (עד'-אי-הוואה'-טער) ז. *dead-water*

ed'dy-wind *n.* (עד'-אי-הווינד) א ווינד וואס בעוועגט זיך קרייזפערמיג ארום עפעס.

ed'elforsite *n.* (עד'-על-פאהר-סאיט) דער וואלאסטאניט אדער טאוועל-שטיין [א מין מינעראל מיט א ווייסען, געלבען אדער רויטען קאליר. געפינט זיך ארום עדעלפארם אין שוועדען].

ed'elweiss *n.* (עד'-על-הוואיס) עדעלווייס [א געוויסע פלאנצע מיט צארטער ווייסער בליהונג וואס וואקסט אויף די אלפען-בערג אין דער שווייץ. זי געפינט זיך מייסטענס אין אזעלכע ערטער וואו מען קען זי זעהר שווער דערגרייכען].

Edelweiss

ede'ma *n.* (אי-די'-מא) וואסערזוכט. ז. *dropsy*

edem'atose *a.* (אי-דעמ'-ע-טאוס) ז. *edematous*

edem'atous *a.* (אי-דעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו וואסערזוכט; וואס ליידט פון וואסערזוכט. ז. *dropsy*

E'den *n.* (אי'דן) דער גן-עדן, פאראדיז; דער ארט עדן אין אשור [ווי עס ווערט אנגעגעבען אין דער ביבעל].

Eden'ic *a.* (אי-דענ'-איק) ווי א גן-עדן.

eden'tal *a.* and *n.* (אי-דענ'-טעל) וואס האט ניט קיין ציינער; א חיה פון די מינים וואס האבען ניט קיין פאדערשטע ציינער. ז. *Edentata*

Edenta'ta *n.* (אי-דענ-טיי'-טא) אזעלכע מינים חיות [ווי די ארמאדילא, אמייזען-פרעסער א. ד. ג.], וועלכע האבען ניט קיין שנייד-ציינער [פאדערשטע ציינער].

eden'tate *n.* and *a.* (אי-דענ'-טייט) וואס האט ניט קיין ציינער; וואס איז שייך צו די חיות, וואס האבען ניט קיין שנייד-ציינער; א חיה פון דעם מין, וואס האט ניט קיין שנייד-ציינער. ז. *Edentata*

eden'tated *a.* (אי-דענ'-טיי-טעד) וואס האט ניט קיין ציינער.

eden'tulous *a.* (אי-דענ'-טשו-לאס) ז. *edentated*

edge *n.* and *v.* (עדזש) א ברעג, א קאנט, א ראנד, א זוים; א שארף; שארפקייט; דאס זיין שניידיג; שטארקייט, העפטיגקייט, גיעריגקייט; צוגעפאסטקייט, פעהיגקייט; שארפען, ארויפלעגען א שארף; רייצען, העצען; אבזוימען, איינקאנטען, איינפאסען; זיך בעוועגען ביי דער זייט אדער ביים ראנד; שטויסען, שטופען ביי דער זייט אדער ביים ראנד; זיך בעוועגען שווער און לאנגזאם, זיך שלעפען; זיך דורכ'גנב'ענען.

edge'-bolt *n.* (עדזש'-באולט) ביי בוכבינדער — א בוך פון צונויפגעלעגטע און צונויפגענעהטע אבגעדרוקטע בויגענס פאפיער, ביי וועלכע די ברעגעס זיינען נאך ניט ארומגעשניטען.

edge'bone *n.* (עדזש'-באון) דער רומפ-ביין אדער שוים-ביין [אין אקסען-פלייש].

edge'-cut'ting *n.* (עדזש'-קאט'-אינג) אין בוכבינדעריי — דאס ארומשניידען די ניט גלייכע ברעגעס פון די בלעטער.

edged *a.* (עדזשד) וואס האט א שארף; ארומגעזוימט, ארומגעקאנט; שארף, שניידיג, געשליפען.

edge'less *a.* (עדזש'-לעס) שטומפיג, טעמפ.

edge of destruc'tion (עדזש אוו די-סטראק'-שאן) דער אבגרונד פון אונטערגאנג.

edge'-play *n.* (עדזש'-פליי) א קאמפף מיט שווערדען.

edg'er *n.* (עדזש'-ער) אין לעדער-ארבייט — אן אינסטרומענט ארומצושניידען און מאכען גלאט פאדעשוועס, רימענס א. ד. ג.; א מין זעג, מיט וועלכער מען שניידט ארום די ברעגעס פון א קלאץ.

edge'-rail *n.* (עדזש'-רייל) קאנטיגע שינעס [רעלסען. די געוועהנליכע שינעס פון באהנען, וועלכע זיינען אין געברויך].

edge'-tool *n.* (עדזש'-טוהל) שארפע, שניידענדע ווערקצייג; אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען שניידט ארום לעדערנע זאכען; א געפעהרליכע זאך, א זאך, מיט וועלכער מען דארף אומגעהן זעהר פארזיכטיג.

edge'ways *adv.* (עדזש'-הווייז) פון דער זייט, ביי דער זייט; אריינ'גנב'ענענדיג.

edge'wise *a.* and *adv.* (עדזש'-הוואיז) גערינכטעט מיט'ן ראנד אדער שארפער זייט פאראוים אדער צו א געוויסען פונקט; פון דער זייט, ביי דער זייט, אריינ'גנב'ענענדיג.

edg'ing *n.* (עדזש'-אינג) עטוואס מיט וואס מען בעזוימט א קלייד [ווי טאשמעס, שפיצען א. ד. ג.]; א זוים, אן איינפאסונג; אין בוכבינדעריי — דאס ארומגלייכען די בלעטער איידער מען גילט זיי אדער מען פארבט זיי; דאס גילדען אדער פארבען די ברעגעס פון די בלעטער [פון א בוך].

edg'ing-lace *n.* (עדזש'-אינג-לייס) שמאלע שפיצען [אלס בעציערונג פאר קליידער].

edg'y *a.* (עדזש'-אי) שארף, קאנטיג, ווינקעלדיג; וואס ווערט לייכט אויפגערעגט.

edibil'ity *n.* (עד-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין עסבאר; דאס זיין צוגעפאסט צו עסען.

ed'ible *a.* (עד'-איבל) עסבאר; וואס מען קען עסען. Many mushrooms are edible.

ed'ibleness *n.* (עד'-איבל-נעס) ז. *edibility*

e'dict *n.* (אי'-דיקט) אן עדיקט, א פערארדנונג, א בעפעהל [פון א הערשער].

edic'tal *a.* (אי-דיק'-טעל) וואס איז שייך צו אן עדיקט [פערארדנונג, בעפעהל].

edifica'tion *n.* (עד-אי-פי-קיי'-שאן) די אויסבילדונג אדער אויסבעסערונג פון גייסט.

ed'ificatory *a.* (עד'-אי-פי-קע-טא-רי) אויסבילדענדיג אדער אויסבעסערענדיג דעם גייסט.

ed'ifice *n.* (עד'-אי-פיס) א געביידע; א גרויסע קונסטפאלע געביידע.

edifi'cial *a.* (עד-אי-פיש'-על) וואס איז שייך צו א געביידע.

ed'ifier *n.* (עד'-אי-פאי-ער) אן אויסבילדער אדער אויסבעסערער פון גייסט [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

ed'ify *v.* (עד'-אי-פאי) אויסבילדען אדער אויסבעסערען דעם גייסט [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

ed'ifyingly *adv.* (עד'-אי-פאי-אינג-לי) אויף אן אויסבילדענדען אדער בע-

לערענדען אופן [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

e'dile *n.* (אי'-דאיל) דער עדיל, א פארצייטיגער רוימישער מאגיסטראט וועמעס אויפגאבע איז געוועזן אכטונג צו געבען אויף עפענטליכע געביידען און קהל'שעס לאנד ווי אויך אנדערע פאליצייליכע פערוואלטונגס=פונקציאנען.

e'dileship *n.* (אי'-דאיל-שיפ) דאס אמט פון א מאגיסטראט איבער עפענטליכע געביידען און קהל'שעס לאנד אין אלטען רוים. ז. *edile*

edil'ian *a.* (אי-דיל'-אי-ען) וואס איז שייך צו א מאגיסטראט אויף עפענטליכע געביידען און קהל'שעס לאנד אין אלטען רוים. ז. *edile*

ed'it *v.* (עד'-איט) רעדאגירען, פערפארטיגען אדער צורעכט מאכען א מאנוסקריפט צום דרוק.

edi'tion *n.* (ע-דיש'-אן) אויסגאבע, אויפלאגע [פון א בוך אדער צייטונג].

ed'itor *n.* (עד'-אי-טאר) א רעדאקטאר.

edito'rial *a.* and *n.* (עד-אי-טאו'-רי-על) וואס געהערט צו א רעדאקטאר; געשריבען פון א רעדאקטאר; א רעדאקציאנעלער ארטיקעל איבער וועלכער עס איז פראגע; א לייט=ארטיקעל.

edito'rially *adv.* (עד-אי-טאו'-רי-על-אי) רעדאקציאנעל; לויט דער מיינונג פון דער רעדאקציאן.

ed'itorship *n.* (עד'-אי-טאר-שיפ) דאס אמט פון א רעדאקטאר.

ed'itress *n.* (עד'-אי-טרעס) א רעדאקטארין.

educabil'ity *n.* (עד-יו-קע-ביל'-אי-טי) דאס זיין פעהיג זיך צו בילדען.

ed'ucable *a.* (עד'-יו-קייבל) פעהיג זיך צו בילדען.

ed'ucate *v.* (עד'-יו-קייט) בילדען; ערציהען.

ed'ucated *a.* (עד'-יו-קיי-טעד) געבילדעט; ערצויגען.

educa'tion *n.* (עד-יו-קיי'-שאן) בילדונג; ערציהונג; דאס בילדען, דאס ערציהען.

educa'tional *a.* (עד-יו-קיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו בילדונג אדער ערציהונג; וואס קומט פון בילדונג.

educa'tionalist *n.* (עד-יו-קיי'-שאנ-על-איסט) ז. *educationist*

educa'tionist *n.* (עד-יו-קיי'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון בילדונג; אן ערציהער; א בילדונגס=פערשפרייטער.
Horace Mann was a great **educationist.**

ed'ucative *a.* (עד'-יו-קיי-טיוו) וואס שטרעבט צו בילדען; וואס איז צוגעפאסט פאר בילדונג אדער ערציהונג; פערנומען אין בילדונג אדער ערציהונג.

ed'ucator *n.* (עד'-יו-קיי-טאר) אן ערציהער; א לעהרער; א בילדונגס=פערשפרייטער.

educe' *v.* (אי-דיוס') ארויסדרינגען; ארויסבריינגען; פעראורזאכען צו ערשיינען; בריינגען צום שיין.

edu'cible *a.* (אי-דיו'-סיבל) וואס קען ארויסגעדרונגען ווערען; וואס קען געבראכט ווערען צום שיין; וואס קען ארויסגעבראכט ווערען.

e'duct *n.* (אי'-דאקט) דאס וואס איז ארויסגעבראכט געווארען פון עפעס אנדערש; דאס וואס איז געבראכט געווארען צום שיין.

educ'tion *n.* (אי-דאק'-שאן) דאס ארויסבריינגען עטוואס פון עפעס אנדערש; דאס בריינגען צום שיין; דאס דארשטעלען.

educ'tion-pipe *n.* (אי-דאק'-שאן-פאיפ) דער ראהר אין א דאמפף=מאשין דורך וועלכען עס ווערט ארויסגעלאזען דער אבגענוצטער דאמפף.

educ'tion-valve *n.* (אי-דאק'-שאן-וועלוו) אן ארויסלאז=ווענטיל [ווי דאס ארויסלאז=ווענטיל ביי דאמפף=מאשינען ארויסצולאזען דעם איבריגען דאמפף].

edul'corant *a.* and *n.* (אי-דאל'-קא-רענט) אין מעדיצין — וואס מאכט זיס, וואס פערקלענערט די שארפקייט פון עטוואס זויערעס, געזאלצענעס אדער ביטערעס; א רפואה צו מאכען די פליסיגקייטען פון קערפער וועניגער שארף אדער בייסענד.

edul'corate *v.* (אי-דאל'-קא-רייט) פערטרייבען זויערקייט; מאכען זיס; בעפרייען פון זויערע שטאפען, זאלצען אדער פון אונריינקייטען דורך וואשען.

edulcora'tion *n.* (אי-דאל-קא-ריי'-שאן) דאס זיס מאכען; דאס פערזיסען; דאס אבשוואכען די שארפקייט דורך צוגיסען וואסער.

edul'corative *a.* (אי-דאל'-קא-ריי-טיוו) וואס האט די אייגענשאפט זיס צו מאכען; וואס קען פערקלענערען די שארפקייט פון עטוואס זויערעס, געזאלצענעס אדער ביטערעס.

E. E. *errors excepted* אבקירצונג פון ז. *E. and O. E.*

eel *n.* (איעל) דער אאל=פיש אדער אוגאר [א לאנגליכער פיש אהן שופען און פלוספעדערען, האט דעם אויסזעהן פון א שלאנג].

Eel

eel'ing *n.* (איעל'-אינג) דאס כאפען אאל=פיש.

eel'-pie *n.* (איעל'-פאי) א פאשטעטע פון אאל=פיש.

eel'skin *n.* (איעל'-סקין) די הויט פון אן אאל=פיש [ווערט צוגעטשעפעט צו א ווענטקע כדי צו צוציהען געוויסע פיש און פאנגען זיי; ווערט אויך בענוצט פון נעגערס אלס א מיטעל געגען רעוומאטיזם].

e'er *adv.* (עהר) א פערקירצונג פון *ever*

ee'rily *adv.* (איע'-רי-לי) מיט א שרעקעדיגער בענעהמונג; מאדנע, אונגעוועהנליך.

ee'ry *a.* (איע'-רי) געהיימניספול, שרעקעדיג, מאדנע, אונגעוועהנליך.

efface' *v.* (ע-פייס') אויסמעקען; אבּרייבען; מאכען אונמערקבאר.

effa'ceable *a.* (ע-פיי'-סעבל) וואס קען אויסגעמעקט אדער אבגעריבען ווערען.

efface'ment *n.* (ע-פייס'-מענט) אויסמעקונג; דאס אבּרייבען.

effect' *v.* and *n.* (ע-פעקט') 1. בעווירקען, זיין די אורזאכע פון א געוויסער ערשיינונג; בריינגען צו א געווינשטען רעזולטאט; אויספיהרען; ערפילען; 2. דער עפעקט, די ווירקונג פון עפעס; דער אלגעמיינער איינדרוק וואס בעקומט זיך פון א זאך; דער צוועק, די אבזיכט, די כונה; 3. ווירקזאמקייט; ווירקליכקייט; דאס וואס איז ווירקליך אדער פאקטיש.
1. The law **effected** a betterment of the business conditions of the country. 2. The operation was without **effect.** 3. He told me in **effect** that he would do me the favor.

effec'tive *a.* and *n.* (ע-פעק'-טיוו) ווירקענד, ווירקזאם; וואס מאכט אן עפעקט אדער ווירקונג; אין מיליטער — די צאהל סאלדאטען אין ווירקליכער דיענסט; די ווירקליכע קראפט פון א רעגימענט אדער דיוויזיע לויט דער צאהל סאלדאטען.

effec'tively *adv.* (ע-פעק'-טיוו-לי) מיט עפעקט; אויף א ווירקזאמען אופן; פאלשטענדיג; דורך און דורך.
He met the attack **effectively.**

effec'tiveness *n.* (ע-פעק'-טיוו-נעס) די ווירקזאמקייט.

effect'less *a.* (ע-פעקט'-לעס) אהן ווירקונג, אוננוציג.

effec'tor *n.* (ע-פעק'-טאר) א פעראורזאכער; דער אדער דאס וואס ווירקט אויף דער ערשיינונג פון א געוויסער זאך; דער אדער דאס וואס מאכט א ווירקונג אדער איינדרוק.

effects' *n.* (ע-פעקטס') בעוועגליכעס אייגענטום, זאכען, מטלטלין.
He left some of his **effects** in our house.

effec'tual *a.* (ע-פעק'-טשו-על) ווירקענד.

effec'tually *adv.* (ע-פעק'-טשו-על-אי) מיט פולער ווירקונג; דורך און דורך.
Smuggling has been **effectually** stopped in the United States.

effec'tualness *n.* (ע-פעק'-טשו-על-נעס) ווירקזאמקייט.

effec'tuate *v.* (ע-פעק'-טשו-אייט) אויספיהרען, בריינגען אין ווירקליכקייט, בריינגען אין עקזיסטענץ.

effectua'tion *n.* (ע-פעק-טשו-איי'-שאן) דאס אויספיהרען עפעס; דאס בריינגען אין ווירקליכקייט; דאס ארויסרופען א רעזולטאט.

effem'inacy *n.* (ע-פעמ'-אי-נע-סי) ווייבערישקייט, פערעדעלטקייט, ווייכליכקייט, שוואכקייט [בנוגע צו א מאנספערזאן וואס האט אין זיך ווייניג מענליכקייט].

effem'inate *a.* (ע-פעמ'-אי-נייט) ווייבעריש, שוואך, ווייך, פערעדעלט [בנוגע צו מאנספערזאנען].

effem'inately *adv.* (ע-פעמ'-אי-נייט-לי) שוואך; ווייבעריש.

effem'inateness *n.* (ע-פעמ'-אי-נייט-נעס) ווייבערישקייט, ווייכליכקייט, שוואכקייט.

effen'di *n.* (ע-פענ'-די) עפענדי ["הערר" — אין טערקיי].

ef'ferent *a.* and *n.* (עפ'-ע-רענט) וואס פיהרט ארויס, וואס טראגט ארויס אין דרויסען; אין פיזיאלאגיע — אן אדער, אדער א נערוו וואס פיהרט פון די געהירן צו די ענדליכע טיילען פון קערפער; א טייך וואס פליסט פון ערגעץ און טראגט אוועק שטראמען וואסער.

effervesce' *v.* (עפ-ער-וועס') זידען, ברויזען, שוימען; געהרען [ווי ביער אדער וויין ביים זייערען]; זיין אויפגערעגט, ניט קענען איינהאלטען די אינערליכע געפיהלען.

efferves'cence *n.* (עפ-ער-וועס'-ענס) דאס זידען, דאס ברויזען, דאס שוימען; די געהרונג [פון ביער אדער וויין ביים זייערען]; אויפגעבראכטקייט, אויפגערעגטקייט פון געפיהלען.

efferves'cency *n.* (עפ-ער-וועס'-ענ-סי) ז. *effervescence*

efferves'cent *a.* (עפ-ער-וועס'-ענט) זידענד, ברויזענד, שוימענד; געהרענד [ווי ביער אדער וויין ביים זייערען]; אויפגערעגט, אויפגעבראכט.

efferves'cible *a.* (עפ-ער-וועס'-איבל)

וואס קען זידען, ברויזען אדער שוימען; וואס קען געהרען [ווי ביער אדער ווין ביים זייערען]; וואס קען מאכען ברויזען, זידען, שוימען אדער געהרען; וואס קען אויפגעבראכט אדער אויפגערעגט ווערען.

effete' *a.* (ע-פיט') אויסגעצעהרט, אבגעטעמפט, אויסגענוצט, אונפרוכטבאר; אויסגעשפיעלט.

effete'ness *n.* (ע-פיט'-נעס) אבגעטראגענקייט, אויסגענוצטקייט, אויסגעצעהרטקייט.

effica'cious *a.* (עפ-אי-קיי'-שאס) וואס מאכט די געווינשטע ווירקונג; וואס האט די קראפט צו מאכען א ווירקונג.

effica'ciously *adv.* (עפ-אי-קיי'-שאס-לי) אויף א ווירקענדען אופן.

effica'ciousness *n.* (עפ-אי-קיי'-שאס-נעס) דאס זיין ווירקזאם.

ef'ficacy *n.* (עפ'-אי-קע-סי) ז. *effectiveness*

effi'ciency *n.* (ע-פיש'-ען-סי) דאס זיין ווירקזאם; די ווירקענדע מאכט; דאס קענען ארויסבריינגען א געווינשטען רעזולטאט.

effi'cient *a.* and *n.* (ע-פיש'-ענט) טיכטיג; טהעטיג; ווירקזאם; א ווירקענדע אורזאכע; אין מאטעמאטיק — דער פאקטאר, א צאהל, מיט וועלכער עס ווערט גע'כפל'ט אן אנדער צאהל.

effi'ciently *adv.* (ע-פיש'-ענט-לי) אויף א ווירקזאמען אופן.

ef'figy *n.* (עפ'-אי-דזשי) א בילד, געשטאלט אדער פארטרעט פון א פערזאן [ווי די צורה אויף א מטבע].

effla'tion *n.* (ע-פליי'-שאן) א בלאז, דאס אוועקבלאזען; דאס וואס איז אוועקגעבלאזען.

effloresce' *v.* (עפ-לא-רעס') בליהען; אין כעמיע — בעדעקען זיך מיט שימעל.

efflores'cence *n.* (עפ-לא-רעס'-ענס) דאס ארויסבליהען; א מאסע פון בליטהען; דאס בליהען; אן אויסשלאג אויף'ן לייב; דאס בעדעקען זיך מיט שימעל.

efflores'cency *n.* (עפ-לא-רעס'-ען-סי) ז. *efflorescence*

efflores'cent *a.* (עפ-לא-רעס'-ענט) ארויסבליהענד.

ef'fluence *n.* (עפ'-לו-ענס) דאס ארויספליסען אדער ארויסשטראמען; דאס, וואס פליסט ארויס.

ef'fluency *n.* (עפ'-לו-ען-סי) ז. *effluence*

ef'fluent *a.* and *n.* (עפ'-לו-ענט) ארויספליסענד, אויסשטראמענד; דאס, וואס פליסט ארויס; א טייך וואס פליסט ארויס פון אן אנדער טייך.

efflu'vial *a.* (ע-פלוה'-ווי-על) וואס איז שייך צו דער אויסדרונסטונג אדער צום שלעכטען געריך וואס געהט ארויס פון א פוילענדען קערפער.

efflu'vious *a.* (ע-פלוה'-ווי-אס) ז. *effluvial*

efflu'vium *n.* (ע-פלוה'-ווי-אם) די אויסדרונסטונג אדער דער שלעכטער גערוך וואס געהט ארויס פון א פוילענדען קערפער; מיאזמען.

ef'fort *n.* (עפ'-ארט) די אנשטרענגונג, די בעמיהונג, בעשטרעבונג; דאס סטארען זיך; אין מעכאניק — די קראפט וואס ווירקט אויף א קערפער.

ef'fortless *a.* (עפ'-ארט-לעס) וואס מאכט ניט קיין אנשטרענגונג.

effron'tery *n.* (ע-פראנ'-טער-אי) פרעכהייט, אונפערשעמטהייט.

effulge' *v.* (ע-פאלדזש') שטראהלען, בליאסקען, גלאנצען, שיינען.

efful'gence *n.* (ע-פאל'-דזשענס) דאס שטראהלען; דער גלאנץ, דער בליאסק.

efful'gent *a.* (ע-פאל'-דזשענט) שטראהלענד; גלענצענד, שיינענד.

efful'gently *adv.* (ע-פאל'-דזשענט-לי) אויף א גלענצענדען אדער שטראהלענדען אופן.

effuse' *v.* (ע-פיוז') אויסגיסען.

effu'sion *n.* (ע-פיו'-זשאן) דאס אויסגיסען אדער פערגיסען; דאס אויסגעגאסענע; דאס אויסגיסען דאס הארץ אדער די געפיהלען.

effu'sive *a.* (ע-פיו'-סיוו) פערגיסענדיג, אויסגיסענדיג; פליסענד; איבערשטראמט מיט געפיהלען; אויסגיסענדיג א שטראם פון געפיהלען.

effu'sively *adv.* (ע-פיו'-סיוו-לי) ז. *effusive*

effu'siveness *n.* (ע-פיו'-סיוו-נעס) דאס זיין איבערשטראמט מיט געפיהלען.

eft *n.* (עפט) אזא זארט קליינער עקדיש.

e. g. אבקירצונג פון *exempli gratia* צום ביישפיעל, למשל.

egad' *int.* (אי-געד') ווירקליך! בנאמנות! וואהרהאפטיג! [אן אויסרוף פון איבערראשונג אדער התפעלות].

égalité' *n.* (איי-גאל-אי-טיי') גלייכהייט.

e'gence *n.* (אי'-דזשענס) א שטארקער חשק צו עטוואס; דאס ליידען פון א שטארקען פערלאנג צו עטוואס.

e'ger *n.* (אי'-גער) א פריה־בליהענדע טולפען־בלום.

egest' *v.* (אי-דזשעסט') אויסלעדיגען; אויסלעדיגען דעם מאגען.

eges'ta *n.* (אי-דזשעס'-טא) צאה, עקסקרימענטען.

eges'tion *n.* (אי-דזשעס'-טשאן) די אויסלעדיגונג פון מאגען; צאה, עקסקרימענטען.

eges'tive *v.* (אי-דזשעס'-טיוו) וואס לעדיגט אב [דעם מאגען].

egg *n.* and *v.* (עג) אן איי; בעגיסען אדער פערקנעטען מיט אייער; בעווארפען מיט אייער; אנרייצען; צוגעבען קוראזש.

egg'-albu'min *n.* (עג'-על-ביו'-מין) דאס עגלכעל פון אן איי.

egg'-bald *a.* (עג'-באהלד) פליכעוואטע ווי אן איי; פאלשטענדיג פליכעוואטע.

egg'-bas'ket *n.* (עג'-בעס'-קעט) א מין קערבעלע פון שיטערען דראט אין וועלכען מען לעגט אריין אייער ביים קאכען זיי, כדי לייכט ארויסצונעהמען די אייער פון דעם זודיגען וואסער.

egg'-bea'ter *n.* (עג'-ביע'-טער) אן אינסטרומענט מיט א זיך דרעהענדען שטיקעל בלעך אדער האליץ, מיט וועלכען מען שלאגט פאנאנדער אייער.

egg'-born *a.* (עג'-בארן) וואס איז ארויסגעקומען פון אן איי.

egg'-car'rier *n.* (עג'-קער'-אי-ער) א פארריכטונג צו טראנספארטירען אייער, אז זיי זאלען ניט צוברעכען ווערען.

egg'-cell *n.* (עג'-סעל) די איי־צעלע [דאס איי ווען עס געפינט זיך נאך אין דעם שטאדיום פון א צעלע].

egg'er *n.* (עג'-ער) אן אייער־זאמלער.

egg'er on (עג'-ער אן) אן אנרייצער, אן אנהעצער; איינער וואס גיט צו קוראזש.

egg'-glass *n.* (עג'-גלעס) אן איי־זייגער [אזא גלעזעל וואס בעשטעהט פון צוויי גלייכע העלפטען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט א גאנץ שמאלען העלזעל. איין האלב גלעזעל איז אנגעפילט מיט גאנץ דינעם זאמד. ווען מען וויל אבקאכען אן איי וואס זאל ניט זיין הארט, שטעלט מען אוועק דאס גלעזעל און מען קאכט אזוי לאנג דאס איי ווי לאנג עס דויערט דאס דורכלויפען פון דעם זאמד דורך דעם שמאלען העלזעל אין דער אונטערער העלפט פון גלעזעל. די גלעזלעך זיינען מייסטענס אזוי געמאכט, אז דאס דורכלויפען פון דעם זאמד זאל דויערען אן ערך 3 מינוטען]; א גלעזערנער אייער־בעכער.

egg'ing *n.* (עג'-אינג) דאס זאמלען אייער.

egg'-lay'ing *a.* (עג'-ליי'-אינג) לעגענדיג אייער; וואס לעגט אייער.

egg'ler *n.* (עג'-לער) ז. *egger*

egg'-nog *n.* (עג'-נאג) א געטראנק געמאכט פון אייער, צוקער, מילך און ספיריטוס.

egg'-pie *n.* (עג'-פאי) אייער־קוכען, אייער־פאסטעטע.

egg'-plant *n.* (עג'-פלענט) די אייער־פלאנצע [א פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען אזעלכע פרוכט וואס זעהען אויס ווי אייער].

Egg-plant

egg'-shaped *a.* (עג'-שייפט) וואס האט די פארם פון אן איי; אוואל, לאנגליך־רונד.

egg'-shell *n.* (עג'-שעל) די שאלעכץ פון אן איי.

egg'-tes'ter *n.* (עג'-טעס'-טער) א פאררichטונג צו פראבירען אייער פאר'ן ליכט אויב זיי זיינען פריש.

egg'-ti'mer *n.* (עג'-טאי'-מער) א זעמדערעל וואס ווערט בענוצט צו בעשטימען די צייט וויפיעל אן איי דארף זיך קאכען. ז. *egg-glass*

egg'wife *n.* (עג'-הוואיף) א פרוי וואס פערקויפט אייער.

e'gis *n.* (אי'-דזשיס) דער פאנצער־שילד פון דער גריכישער געטין מינערווא; א פאנצער, א שילד; א שוץ.

eg'lantine *n.* (עג'-לענ-טין) א מין ווילדע רויז, וועלכע וואקסט אין טרוקענע וואלדיגע ערטער און בליהט אין יוני און יולי.

eg'o *n.* (עג'-או) דער "איך", דער פערזענליכער "איך".

eg'o-altruis'tic *a.* (עג'-או-על-טרו-איס'-טיק) וואס איז שייך צו דעם אייגענעם "איך" און צו אנדערע.

eg'o-altruis'tic sen'timents (עג'-או-על-טרו-איס'-טיק סענ'-טי-מענטס) געפיהלען וואס בעפרידיגען דעם אייגענעם "איך" און ברייננען אין דערזעלבער צייט בעפרידיגונג אויך פאר אנדערע.

eg'ohood *n.* (עג'-או-הוד) פערזענליכקייט, אינדיווידואליטעט.

eg'oism *n.* (עג'-א-איזם) עגאאיזם, אייגענליעבע; אייגענניץ; אין פילאזאפיע — די בעהויפטונג, אז קיין זאך עקזיסטירט ניט אויסער דעם געדאנק פון דעם אינדיווידואום וואס מאכט דיזע בעהויפטונג.

eg'oist *n.* (עג'-א-איסט) אן עגאאיסט, איינער וואס ליעבט נור זיך; אן אייגעננוציגער מענש; אין פילאזאפיע — אן אנהענגער פון דער אידעע פון עגאאיזם. ז. *egoism*

egois'tic *a.* (עג-א-איס'-טיק) עגאאיס-טיש; אייגננוציג; וואס ליעבט נור זיך; וואס איז שייך צו דער אידעע פון עגאָ-איזם. ז. *egoism*
egois'tical *a.* (עג-א-איס'-טי-קעל) ז. *egoistic*
egois'tically *adv.* (עג-א-איס'-טי-קעל-אי) אויף אַן עגאאיסטישען אופן.
ego'ity *n.* (ע-גאו'-אי-טי) דער עצם פון "איך"; די פערזענליכקייט, די אינדיווי-דואליטעט.
eg'otheism *n.* (עג'-א-טהי-איזם) די זעלבסט-פערגעטערונג; דאס מאכען זיך פאר א גאט.
eg'otism *n.* (עג'-א-טיזם) עגאטיזם, דאס האלטען זעהר שטארק פון זיך; דאס ריידען אימער פון זיך; אייגענוציגקייט.
eg'otist *n.* (עג'-א-טיסט) אַן עגאטיסט, איינער וואס האלט זעהר שטארק פון זיך, איינער וואס רעדט כסדר פון זיך; איי-נער וואס איז אייגענוציג.
egotis'tic *a.* (עג-א-טיס'-טיק) אייגענ-נוציג; וואס רעדט פון זיך אליין אדער וואס האלט נאר פון זיך אליין.
egotis'tical *a.* (עג-א-טיס'-טי-קעל) ז. *egotistic*
egotis'tically *adv.* (עג-א-טיס'-טי-קעל-אי) אויף אַן עגאטיסטישען אופן. ז. *egotism*
eg'otize *v.* (עג'-א-טאיז) זיין אייגענ-נוציג; פיעל רעדען פון זיך אליין.
egre'gious *a.* (אי-גרי'-דזשאס) מערק-ווירדיג, אויסערארדענטליך, אויסערגע-וועהנליך.
The surgeon made an **egregious** blunder in the operation.
egre'giously *adv.* (אי-גרי'-דזשאס-לי) אויף אַן אויסערארדענטליכען אדער אוי-סערגעוועהנליכען אופן.
egre'giousness *n.* (אי-גרי'-דזשאס-נעס) אויסערגעוועהנליכקייט, אויסערא-דענטליכקייט, מערקווירדיגקייט.
e'gress *n.* (אי'-גרעס) אַ אויסגאנג, אַן אויסטריט.
egress' *v.* (אי-גרעס') ארויסגעהן, אוועק-געהן.
egres'sion *n.* (אי-גרעש'-אַן) דאס ארויס-געהן; אַן ארויסגאנג.
e'gret *n.* (אי'-גרעט) א צאפליא [אזא ווייסער גרויסער פויגעל מיט לאנגע וויי-כע פעדערען]; די פעדערען פון א צאפ-ליא; א טשוב פון פעדערען אויף'ן קאפ פון א פויגעל; דער דינער פוך אויף פער-שיעדענע זוימען-קערנער; א מין צענ-טראל-אמעריקאנישע אפע [מאלפע].
e'griot *n.* (אי'-גרי-אט) אזא זויערע קארש.
Egyp'tian *n. and a.* (אי-דזשיפ'-שען) א מצרי, אַן עגיפטער; א ציגיינער; עגיפ-טיש; וואס איז שייך צו עגיפטען אדער מצרים.
Egyp'tian bean (אי-דזשיפ'-שען ביען) עגיפטישע בעבלעך [די פרוכט פון דער לאטאס-פלאנצע, וואקסט אין אינדיען].
Egyp'tian dark'ness (אי-דזשיפ'-שען דארק'-נעס) א געדיכטע פינסטער-ניש [חשך מצרים].
Egyp'tian lo'tus (אי-דזשיפ'-שען לאו'-טאס) די עגיפטישע ים-ראזע [א פלאנצע וועלכע איז געווען פערהייליגט ביי די אלטע עגיפטער].
Egyp'tian thorn (אי-דזשיפ'-שען טהארן) די עכטע אקאציע [א מין בוים פון וועלכען מען בעקומט גומי-אראביקע].

Egyptol'oger *n.* (אי-דזשיפ-טאל'-א-דזשער) דער עגיפטאלאג [איינער וואס שטודירט דאס לעבען פון די אלטע מצריים און בעזאנדערס די היעראגליפישע שריפ-טען].
Egyptol'ogy *n.* (אי-דזשיפ-טאל'-א-דזשי) עגיפטאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די אלטערטימער פון עגיפטען און בעז-זאנדערס וועגען די היעראגליפישע שריפ-טען].
eh *int.* (איי) [אַן אויסדרוק פון ספקות אדער וואונדער].
וואס? ספקות אדער וואונדער].
ei'der *n.* (אי'-דער) ז. *eider-duck*
ei'der-down *n.* (אי'-דער-דאון) דער פוך פון דער גאנא. ז. *eider-duck*
ei'der-duck *n.* (אי'-דער-דאק) די גאגא [א מין ענטעל וואס האלט זיך אויף ביי די ברעגעס פון ים].

Eider-duck

ei'dograph *n.* (אי'-דא-גרעף) דער איידאגראף [אַן אינסטרומענט צו קאפי-רען צייכנונגען אין א פערקלענערטען אדער פערגרעסערטען מאסשטאב].
eidolol'ogy *n.* (אי-דא-לאל'-א-דזשי) די ערקענטניס-טעאריע, די לעהרע וועגען די מעגליכקייטען און גרענעצען פון אונ-זער וויסען.
eido'lon *n.* (אי-דאו'-לאן) א בילד; א שאטען, אַן אבשיין.
eido'loscope *n.* (אי-דאו'-לא-סקאופ) אן אפאראט צו פערגרעסערען די פאטא-גראפישע בילדער, וועלכע ווערען בענוצט פאר א קינעמאטאגראף [פארשטעלונג פון בעוועגליכע בילדער].
ei'doscope *n.* (אי'-דא-סקאופ) אַן אינ-סטרומענט וואס בעשטעהט פון צוויי מע-טאלענע דיסקען אדער רונדע בלעטער. ווען דיעזע דיסקען בעוועגען זיך, פראדו-צירען זיי אַן אונענדליכע צאהל פון פער-שיעדענסטע געאמעטרישע פיגורען.
eidoura'nion *n.* (אי-דוה-ריי'-ני-אן) אַן אפאראט צו אילוסטרירען די בעווע-גונג פון די הימלישע קערפער, ווי די פלאנעטען, קאמעטען א. ד. ג.
eight *n. and a.* (אייט) אכט, די צאהל אכט; אַן אכטעל [אין קארטען].
eighteen' *n. and a.* (איי-טיען') די צאהל אכטצעהן; אכטצעהן.
eighteenth' *a. and n.* (איי-טיענטה') אכטצעהנטער; אַן אכטצעהנטעל.
eight'fold *a.* (אייט'-פאולד) אכטפאך.
eighth *n. and a.* (אייטה) דער אכטער; אַן אכטעל.
The bill is due on the **eighth** of the month.
eight'-hour law (אייט'-אור לאה) דאס אכט-שטונדען געזעץ [דאס געזעץ וואס בעשרענקט אין געוויסע אינדוסטריען די ארבייטס-צייט פון אַן ארבייטער אויף 8 שטונדען א טאג].

eigh'tieth *n. and a.* (איי'-טי-עטה) אַן אכטציגסטעל; אכטציגסטער.
eight'score *n. and a.* (אייט'-סקאור) אכט מאל צוואנציג; הונדערט און זעכציג.
eigh'ty *n. and a.* (איי'-טי) די אכציג; צאהל אכציג.
eigne *a.* (איין) עלטסטער; וואס איז דער עלטסטער; וואס איז א בכור.
ei'kon *n.* (אי'-קאן) אַן עהנליכקייט, א בילד [הויפטזעכליך א קריסטליך הייליג בילד], אַן איקאנע.
eikon'ic *a.* (אי-קאנ'-איק) וואס איז שייך צו א בילד, הויפטזעכליך א הייליגען קריסטליכען בילד אדער איקאנע.
ei'rie *n.* (עה'-רי) א נעסט פון רויב-פויגעל; די קליינע פויגעלעך אין א נעסט; קינדער.
ei'ry *n.* (עה'-רי) ז. *eirie*
ei'ther *a., pr. and c.* (איע'-טהער) איינער אדער דער אנדערער; איינער פון ביידע; יעדער פון ביידע; אין יעדען פון ביידע פעלע; אויך ניט, ביידע ניט, אין ביידע פעלע נים [ביי פערניינונגען].
Either you pay your debts or you are declared bankrupt.
ejac'ulate *v.* (אי-דזשעק'-יו-לייט) אויס-שרייען [פלוצלונג און אבגעהאקט]; רע-דען מיט קורצע, אבגעהאקטע אויסגעשריי-ען; ארויסווארפען, ארויסשטויסען, ארויס-שיסען, ארויסלאזען.
ejacula'tion *n.* (אי-דזשעק-יו-ליי'-שאן) דאס אויסשרייען [פלוצלונג און אבגעהאקט]; א פלוצליכער אבגעהאקטער אויסגעשריי [ווי למשל: אוי! וועה!]; דאס ארויסשטויסען, דאס ארויסלאזען, דאס ארויסשיסען, דאס ארויסווארפען; אין פיזיאלאגיע — דאס ארויסלאזען די זרע [פון געשלעכטס-ארגאן].
ejac'ulatory *a.* (אי-דזשעק'-יו-ליי-טא-רי) ארויסשטויסענדיג, ארויסוואר-פענדיג, ארויסשיסענדיג; אויסגעשפראכען אין קורצע, אבגעהאקטע אויסגעשרייען; אין פיזיאלאגיע — וואס איז שייך צו דער ארויסלאזונג פון זרע [פון די געשלעכטס-ארגאנען].
eject' *v.* (אי-דזשעקט') ארויסווארפען, ארויסשטויסען, ארויסשיסען; ענטזאגען פון א שטעלע; ארויסווארפען פון א וואה-נונג אדער פון לאנד-בעזיץ; פערטרייבען; פעריאגען; צונעהמען אייגענטום.
ejec'tion *n.* (אי-דזשעק'-שאן) ארויס-שטויסונג; דאס ארויסווארפען; ענטזא-גונג פון א שטעלע; דאס ארויסווארפען פון א וואהנונג אדער פון לאנד-בעזיץ; דאס צונעהמען אייגענטום; עטוואס וואס ווערט ארויסגעשטויסען אדער ארויסגע-ווארפען; פערטרייבונג, פעריאגונג.
ejec'tive *a.* (אי-דזשעק'-טיוו) ארויס-שטויסענדיג, ארויסווארפענדיג, ארויס-טרייבענדיג, ענטלאסענדיג [פון א שטע-לע]; ארויסזעצענדיג [פון א וואהנונג].
eject'ment *n.* (אי-דזשעקט'-מענט) דאס ארויסווארפען, דאס ארויסשטויסען; דאס ארויסווארפען פון א וואהנונג.
ejec'tor *n.* (אי-דזשעק'-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ווארפט ארויס אדער שטויסט ארויס; א פאבריקאטונג ארויסצו-שטויסען, מיט דער הילף פון לופט אדער פארע, פליסיגקייטען, זאמד, שטויב, אש א. ד. ג.; א פאבריקאטונג ארויסצוואר-פען פון א ביקס אדער קאנאנע די קוילען-קאפסולען, נאכדעם ווי מען שיסט אויס.
eke *v., n., adv. and c.* (איק) 1. צונע-בען; צוגעבען עטוואס וואס פעהלט; 2. אויסציהען, אויסקוועטשען, אויספרע-

סען; פערגרעסערען, פערלענגערען; עטוואס וואס ווערט צו עפעס צוגעגעבען; אויך; דאסגלייכען; אלס צוגאב.

2. Notwithstanding all his toil he could **eke** out a bare living.

e'king *n.* (אי'-קינג) דאס צוגעבען עפעס; דאס וואס ווערט צוגעגעבען [הויפטזעכליך א צוגעשטוקעוועטע שטיק האלץ].

e'king piece (אי'-קינג פיעס) א צוגעשטוקעוועטע שטיק האלץ.

elab'orate *v.* and *a.* (אי-לעב'-א-רייט) אויסארבייטען, פראדוצירען; אויסארבייטען פארזיכטיג און מיט פיעל מיה; אויסארבייטען פאלשטענדיג און קונסטפאל; אויסגעארבייט ווערען פארזיכטיג, מיט פיעל מיה, פאלשטענדיג און קונסטפאל; געשליפען, קונסטפאל, פינקטליך, פאלקאם; געמאכט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט און קונסט; פיעל שטודירט; פלייסיג.

elab'orated *a.* (אי-לעב'-א-ריי-טעד) אויסגעארבייט אדער געמאכט מיט פארזיכטיגקייט, מיט מיה, מיט פלייסיגקייט; געשליפען, קונסטפאל, פינקטליך, פאלקאם, פלייסיג; פיעל שטודירט.

elab'orately *adv.* (אי-לעב'-א-רייט-לי) אויף א פאלקאמענעם, פאלשטענדיגען, קונסטפאלען אדער פינקטליכען שטייגער; מיט פלייס, מיט פארזיכטיגקייט; אויסגעארבייט אויף'ן העכסטען שטייגער; מיט פיעל שטודיום.

elab'orateness *n.* (אי-לעב'-א-רייט-נעס) דאס זיין אויסגעארבייט אדער געמאכט מיט פיעל מיה, מיט פינקטליכקייט אדער מיט פיעל קונסט.

elabora'tion *n.* (אי-לעב-א-ריי'-שאן) אויסארבייטונג; פראדוצירונג; פארמירונג אדער פראדוצירונג דורך א שטופענווייזען פראצעס; אויסארבייטונג מיט פיעל מיה, פינקטליכקייט אדער קונסט דאס שלייפען און אויסבעסערען; פאלשטענדיגקייט אדער פאלקאמענהייט [ביי מאכען עפעס]; פארזיכטיגע און פאלשטענדיגע בעארבייטונג.

elab'orative *a.* (אי-לעב'-א-ריי-טיוו) וואס ארבייט עפעס אויס מיט פינקטליכקייט, פארזיכטיגקייט, מיט פיעל מיה אדער פאלקאמענהייט.

elab'orator *n.* (אי-לעב'-א-ריי-טאר) איינער וואס בעארבייט אדער מאכט עפעס מיט פינקטליכקייט, פארזיכטיגקייט, מיט פלייס און מיט פאלקאמענהייט.

elab'oratory *a.* (אי-לעב'-א-רא-טא-רי) ז. *elaborative*

ela'in *n.* (ע-ליי'-אין) עלאאין, דער פליסיגער טייל פון אוילען און פעטס.

ela'ine *n.* (ע-ליי'-אין) ז. *elain*

élan' *n.* (איי-לאן') היץ, פייער [פון ענטוזיאזם, ליידענשאפט א. ד. ג.].

elance' *v.* (ע-לענס') ווארפען, שליידערען.

e'land *n.* (אי'-לענד) די עלען-אנטילאפע [א גרויסע אקסען-ענהליכע אנטילאפע אין זיד-אפריקא].

Eland

el'aphine *a.* (על'-ע-פין) וואס איז שייך צו א הירש.

elapse' *v.* and *n.* (אי-לעפס') זיך אוועקגליטשען, פערגעהען [ווענען צייט]; דאס פערגעהען [ווענען צייט].

A short time **elapsed** between the two visits.

elas'tic *a.* and *n.* (אי-לעס'-טיק) עלאסטיש, בעזיצענדיג די קראפט פון עלאסטיציטעט, האבענדיג די פעהיגקייט אנצונעהמען די פריהעריגע פארם [ווענען שטאפען, וואס נעהמען צוריק אן די אלטע פארם נאכדעם ווי מען האט זיי אויפגעהערט צו דריקען אדער אויסצוציהען, ווי למשל, גומי]; וואס מען קען אויסברייטען אדער איינפרעסען; בויגזאם, נאכגיעביג; וואס קען זיך צופאסען; וואס קען זיך לייכט ערהאלען [פון מיעדקייט, נידערגעשלאגענקייט א. ד. ג.]; וואס קען ווידערשטעהען, וואס קען אויסהאלטען [צרות, ליידען א. ד. ג.]; גומילאסטיק.

elas'tical *a.* (אי-לעס'-טי-קעל) עלאסטיש. ז. *elastic*

elas'tically *adv.* (אי-לעס'-טי-קעל-אי) אויף אן עלאסטישען שטייגער; מיט עלאסטיציטעט, דורך צופאסונג. ז. *elastic*

elas'tic gum (אי-לעס'-טיק גאם) גומילאסטיק, קאוטשוק.

elasti'cian *n.* (אי-לעס-טיש'-ען) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קראפט פון עלאסטיציטעט. ז. *elastic*

elastic'ity *n.* (אי-לעס-טיס'-אי-טי) עלאסטיציטעט, דאס זיין עלאסטיש. ז. *elastic*

elate' *v.* and *a.* (אי-לייט') דערהויבען [אין שטימונג]; מאכען שטאלץ, צופריעדען, גרויס אדער אויפגעבלאזען; שטארק צופריעדען, שטאלץ, אויפגעבלאזען; זייענדיג אין א געהויבענער שטימונג.

ela'tedly *adv.* (אי-ליי'-טעד-לי) מיט שטאלץ, אויפגעבלאזענקייט אדער מיט צופריעדענהייט; אין א געהויבענער שטימונג.

ela'tedness *n.* (אי-ליי'-טעד-נעס) א געהויבענע שטימונג; שטאלץ, צופריעדענהייט, אויפגעבלאזענקייט.

elate'ment *n.* (אי-לייט'-מענט) דאס מאכען אדער זיין אין א געהויבענער שטימונג; דאס זיין שטארק צופריעדען, שטאלץ אדער אויפגעבלאזען.

ela'ter *n.* (אי-ליי'-טער) איינער אדער עטוואס וואס ברייגנט אין א געהויבענער שטימונג, מאכט שטאלץ אדער אויפגעבלאזען; א שנעלקעפער [א אינזעקט].

elat'erite *n.* (ע-לעט'-ע-ראיט) עלאסטישער ערד-פעך אדער ערד-סמאלע.

elate'rium *n.* (על-ע-טי'-רי-אם) עלאטעריום, די זאפט פון דער שפרינג-אוגערקע [א מין פרוכט] וואס ווערט געברויכט אלס מעדיצין [געגען וואסערזוכט און אנדערע קראנקהייטען].

ela'tion *n.* (אי-ליי'-שאן) א געהויבענע שטימונג, שטארקע צופריעדענהייט, שטאלץ, אויפגעבלאזענקייט.

ela'tor *n.* (אי-ליי'-טאר) ז. *elater*

el'bow *n.* and *v.* (על'-באו) דער עלנבויגען; אן אויסבויגונג אדער קרימונג פון א זאך [ווי די אויסבויגונג פון א וועג אדער טייך]; א ווינקעל אדער אויסבויגונג פון א וואנד; דאס לעהן-הענטעל פון א שטוהל אדער קאנאפע; אבשטויסען מיט'ן עלענבויגען, פאנאנדערשטויסען, פאנאנדערטרייבען; דורכשטופען זיך מיט די עלענבויגענס; אויסבויגען אדער אויסקרימען א זאך.

el'bowed *a.* (על'-באוד) ווי אן עלענבויגען; אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

el'bow one's way (על'-באו הוואנז וועיי) זיך דורכדרינגען, דורכשטופען; זיך מאכען א וועג מיט די עלענבויגענס.

el'bow-room *n.* (על'-באו-רוהם) פלאץ פאר די עלענבויגענס, פרייהייט פאר בעוועגונגען.

eld *n.* (עלד) אלטע צייטען, אמאליגע צייטען; צייט; א לאנגע צייט-פעריאד; אלטקייט; אן אלטיטשקער; צייט-אלטער.

el'der *a.* and *n.* (על'-דער) עלטער; פון פריהער; אן אלטער מאן; אן עלטסטער, א נאטשאלניק; די בוזינא אדער האלונדער [א מין קוסט, אויף וועלכען עס וואקסען רויט-שווארצליכע יאגדעס].

Elder

el'derberry *n.* (על'-דער-בער-אי) די האלונדער-יאגדע [א רויט-שווארצליכע יאגדע וועלכע וואקסט אויף האלונדער אדער בוזינא-קוסטעס].

el'der-gun *n.* (על'-דער-גאן) א קנאלביקס [א ביקסעל פאר קינדער געמאכט געווארען פון האלונדער-האלץ, פון וועלכען עס איז ארויסגעצויגען דאס הערצעל].

el'derly *a.* (על'-דער-לי) אלטליך.

The doctor is an **elderly** gentleman.

el'ders *n.* (על'-דערז) די אלטע לייט, די זקנים, די נשיאים.

el'dest *a.* (על'-דעסט) עלטסטער.

Eldora'do *n.* (על-דא-רא'-דאו) עלדאראדא, דאס גאלדענע לאנד [א לאנד, וועלכעס די אמאליגע שפאניער האבען געזוכט אין דער ניי-ענטדעקטער וועלט, גלויבענדיג, אז דארטען איז פאראן א פלאץ וואס איז אנגעשאטען מיט גאלד און דימאנטען]; אירגענד וועלכער ארט וואו מען קען לייכט רייך ווערען.

el'dritch *a.* (על'-דריטש) איבערנאטירליך, שרעקליך, פער'כשופ'ט, אונגעהויער.

elecampane' *n.* (על-אי-קעם-פיין') דער אלאנט [א געוויסע פלאנצע מיט געלבע בליטהען. ווערט געברויכט אין מעדיצין געגען הארץ-קראנקהייטען].


Elecampane

elect' *v.*, *a.* and *n.* (אי-לעקט') אויסוועהלען; אויסקלייבען; שטעלען אין פארצוג; אויסערוועהלט, אויסגעקליבען; אבגעקליבען, אין העכערען

שטאנד, איז א בעסערען פארצוג; אן אויסערוועהלטער, דער בחיר.

elec'ting bod'y (אי-לעק'-טינג באד'-אי) די וועהלער; די אויסקלייבער.

elec'tion *n.* (אי-לעק'-שאן) דאס וועהלען, די ערוועהלונג; די וואהל.

electioneer' *v.* (אי-לעק-שא-ניער') זוכען שטימען פאר ערוועהלען אימעצען, אגיטירען ביי די וואהלען פאר א געוויסען קאנדידאט.

electioneer'er *n.* (אי-לעק-שא-ניער'-ער) איינער וואס זוכט מיט אלע מיטלען, אז זיין קאנדידאט אדער זיין פארטיי זאל זיעגען ביי די וואהלען.

electioneer'ing *a.* (אי-לעק-שא-ניער'-אינג) אגיטירענד פאר א געוויסען קאנדידאט; סטארענדיג זיך צו בעקומען שטימען ביי די וואהלען.

elec'tive *a. and n.* (אי-לעק'-טיוו) ערוועהלט, אויסגעקליבען דורך וואהלען; וואס איז בעקומען געווארען אדער דורכגעגאנגען דורך א וואהל; וואס איז שייך צו וואהל-רעכט; אויסקלייבענד; וואס האט דעם כח אדער די מעגליכקייט פון בחירה; אין די אמעריקאנער אוניווערזיטעטען — דער קורס פון למודים, וועלכע דער סטודענט אליין קען זיך אויסקלייבען.

elec'tive affin'ity (אי-לעק'-טיוו ע-פינ'-אי-טי) ז. *chemical affinity*

elec'tively *adv.* (אי-לעק'-טיוו-לי) דורך אויסקלייבען, דורך א וואהל.

elec'tiveness *n.* (אי-לעק'-טיוו-נעס) דאס אויסקלייבען, דאס אויסוועהלען.

elec'tor *n.* (אי-לעק'-טאר) א וועהלער, א וואהל-מאן; דער וואס האט וואהל-רעכט.

elec'toral *a.* (אי-לעק'-טא-רעל) וואס איז שייך צו וואהלען אדער צו די וועהלער.

elec'toral col'lege (אי-לעק'-טא-רעל קאל'-עדזש) די פערזאמלונג פון די וואהלמענער פון א שטאאט פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע קלייבען זיך צונויף צו ערוועהלען דעם פרעזידענט און וויצע-פרעזידענט.

elec'toral commis'sion (אי-לעק'-טא-רעל קא-מיש'-אן) די ספעציעלע וואהל-קאמיסיאן, וועלכע איז געשאפען געווארען פון אמעריקאנער קאנגרעס [פארלאמענט] אין יאהר 1877. דיעזע קאמיסיאן איז בעשטאנען פון 5 סענאטארען, 5 קאנגרעס-רעפּוטאטען און 5 ריכטער פון דעם אלערהעכסטען געריכט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. זי האט געהאט צו ענטשיידען וועלכע וועהלער עם דארפען צוגעלאזען ווערען ביי דער וואהל פון פרעזידענט און וויצע-פרעזידענט. עס איז געווען א פראגע וועגען איניגע שטאאטען און אזוי ווי די רעפּובליקאנער פארטיי האט געהאט א מאיאריטעט אין סענאט און די דעמאקראטישע פארטיי האט געהאט א מאיאריטעט אין רעפרעזענטאנטען-הויז, האט מען צו קיין הסכם ניט געקענט קומען און א ספעציעלע קאמיסיאן האט פאר דעם צוועק געמוזט געוועהלט ווערען.

elec'torate *n.* (אי-לעק'-טאר-אייט) די אלגעמיינע צאהל בירגער וועלכע האבען וואהל-רעכט.

electrep'eter *n.* (אי-לעק-טרעפּ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו ענדערען די ריכטונג פון עלעקטרישען שטראם.

elec'tress *n.* (אי-לעק'-טרעס) א פרוי אדער אלמנה פון איינעם פון די זיבען פרינצען אין דעם רוימיש-גערמאנישען קעניגרייך, וועלכע האבען געהאט דאס רעכט צו וועהלען דעם קייזער.

elec'tric *a. and n.* (אי-לעק'-טריק) עלעקטריש, וואס ענטהאלט עלעקטריציטעט; וואס קען ווערען עלעקטריש; וואס איז שייך צו עלעקטריציטעט; וואס קומט דורך עלעקטריציטעט; פול מיט עלעקטריציטעט [אויפגערעגט]; א שטאף וואס קען ווערען עלעקטריש.

elec'trical *a.* (אי-לעק'-טרי-קעל) עלעקטריש, וואס ענטהאלט עלעקטריציטעט; וואס קען ווערען עלעקטריש; וואס איז שייך צו עלעקטריציטעט; וואס קומט דורך עלעקטריציטעט; פול מיט עלעקטריציטעט [אויפגערעגט].

elec'trical engineer'ing (אי-לעק'-טרי-קעל ענ-דזשי-ניער'-אינג) די עלעקטרישע אינזשינער-קונסט.

elec'trically *adv.* (אי-לעק'-טרי-קעל-אי) דורך עלעקטריציטעט; אין בעצוג צו עלעקטריציטעט.

elec'tric ca'ble (אי-לעק'-טריק קיי'בל) אן עלעקטרישער קאבעל [א שטריק פון בעצויגענע דראטען וועלכער ווערט גע-ברויכט פאר עלעקטרישע צוועקען].

elec'tric field (אי-לעק'-טריק פיעלד) אן עלעקטרישעס פעלד [א רוים וואו עס הערשט אן עלעקטרישע קראפט].

elec'tric fish (אי-לעק'-טריק פיש) אן עלעקטרישער פיש [אזא זארט פיש וואס האט אין זיך עלעקטריציטעט].

elec'tric force (אי-לעק'-טריק פאורס) עלעקטרישע קראפט.

electri'cian *n.* (אי-לעק-טריש'-ען) אן עלעקטריקער, איינער וואס ארבייט ביי עלעקטריציטעט; איינער וואס שטודירט עלעקטריציטעט.

electric'ity *n.* (אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט.

elec'tric lamp (אי-לעק'-טריק לעמפּ) אן עלעקטריש לעמפּעל.

elec'tric light (אי-לעק'-טריק לאיט) עלעקטרישע ליכט, עלעקטרישע בעלייכטונג.

elec'tric machine' (אי-לעק'-טריק מע-שין') אן עלעקטרישע מאשין.

elec'tric mo'tor (אי-לעק'-טריק מאו'-טאר) אן עלעקטרישער מאטאר [א מאשין וואס פערוואנדעלט עלעקטרישע קראפט אין מעכאנישע].

elec'tric rail'way (אי-לעק'-טריק רייל'-הוויי) אן עלעקטרישע באהן.

elec'tric spark (אי-לעק'-טריק ספארק) אן עלעקטרישער פונק.

elec'tric ten'sion (אי-לעק'-טריק טענ'-שאן) עלעקטרישע שפאנונג; עלעקטרא-מאטארישע קראפט; די קראפט וואס טרייבט דעם עלעקטרישען שטראם.

elec'tricute *v.* (אי-לעק'-טרי-קיוט) הינריכטען [טויטען] דורך עלעקטריציטעט.

electricu'tion *n.* (אי-לעק-טרי-קיו'-שאן) דאס הינריכטען דורך עלעקטריציטעט.

electrif'erous *a.* (אי-לעק-טריפ'-ע-ראס) וואס גיט ארוים עלעקטריציטעט.

elec'trifiable *a.* (אי-לעק'-טרי-פאי-עבל) וואס קען עלעקטריזירט ווערען; וואס קען ווערען עלעקטריש.

electrifica'tion *n.* (אי-לעק-טרי-פי-קיי'-שאן) דאס עלעקטריזירען; דאס זיין עלעקטריזירט, דאס זיין אנגעלאדען מיט עלעקטריציטעט.

elec'trifier *n.* (אי-לעק'-טרי-פאי-ער) איינער אדער עטוואס וואס עלעקטריזירט.

elec'trify *v.* (אי-לעק'-טרי-פאי) עלעקטריזירען, מאכען עלעקטריש, אנלאדען מיט עלעקטריציטעט; אויפרעגען [ווי מיט עלעקטריציטעט], בעגייסטערען.

elec'trine *a. and n.* (אי-לעק'-טרין) געמאכט פון ברושטין; וואס איז שייך צו ברושטין; עלעקטראן [אן איינגעבילדעטער שטאף וועגען וועלכען אנדערע בעהויפטען, אז ער עקזיסטירט אלס דער פעראורזאכער פון עלעקטריציטעט].

electriza'tion *n.* (אי-לעק-טרי-זיי'-שאן) דאס עלעקטריזירען.

elec'trize *v.* (אי-לעק'-טראיז) עלעקטריזירען; מאכען עלעקטריש; אנלאדען מיט עלעקטריציטעט.

elec'trobath *n.* (אי-לעק'-טראו-בעטה) די פליסיגקייט וועלכע ווערט בענוצט צו בעדעקען פערשיעדענע געגענשטענדע מיט א מעטאל-שיכט דורך דער בענוצונג פון עלעקטריציטעט [ווי גאלוואנישע פערזילבערונג, פערגאלדונג א. ד. ג.].

electrobiolog'ical *a.* (אי-לעק-טראו-באי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עלעקטראביאלאגיע. ז. *electrobiology*

electrobiol'ogist *n.* (אי-לעק-טראו-באי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין עלעקטראביאלאגיע. ז. *electrobiology*

electrobiol'ogy *n.* (אי-לעק-טראו-באי-אל'-א-דזשי) עלעקטראביאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די עלעקטרישע שטראמען וואס ענטוויקלען זיך אין לעבעדיגע ארגאניזמען; די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויספארשען די עלעקטרישע ווירקונג אין דער ערשיינונג פון היפנאטיזם.

electrobios'copy *n.* (אי-לעק-טראו-באי-אס'-קא-פּי) דאס אבפּראבירען די מוסקולען דורך עלעקטריציטעט צו בעשטימען אויב עס איז דא אין זיי לעבען.

elec'trobronze *n.* (אי-לעק'-טראו-בראנז) דאס בעדעקען אייזען מיט א בראנז-שיכט דורך עלעקטריציטעט.

electrocau'tery *n.* (אי-לעק-טראו-קאה'-טער-אי) דאס אויסברענען א וואונד מיט עלעקטריציטעט; דער אינסטרומענט מיט וועלכען אזא אויסברענונג ווערט געמאכט.

electrochem'ical *a.* (אי-לעק-טראו-קעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עלעקטראכעמיע. ז. *electrochemistry*

electrochem'ically *adv.* (אי-לעק-טראו-קעמ'-אי-קעל-אי) דורך עלעקטראכעמיע; אין בעצוג צו עלעקטראכעמיע. ז. *electrochemistry*

electrochem'ist *n.* (אי-לעק-טראו-קעמ'-איסט) אן עלעקטראכעמיקער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט עלעקטראכעמיע. ז. *electrochemistry*

electrochem'istry *n.* (אי-לעק-טראו-קעמ'-איס-טרי) עלעקטראכעמיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די כעמישע ווירקונגען פון עלעקטריציטעט; כעמישע אנאליזען אדער פערבינדונגען וואס ווערען געמאכט מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

elec'trocute *v.* (אי-לעק'-טראו-קיוט) הינריכטען [טויטען] דורך עלעקטריציטעט.

electrocu'tion *n.* (אי-לעק-טראו-קיו'-שאן) ז. *electricution*

elec'trode *n.* (אי-לעק'-טראוד) אן עלעקטראדע, א פאל פון אן עלעקטרישער באטעריי [דער פאזיטיווער פאל פון אן

עלעקטרישער באטעריי ווערט גערופען "אנאדע" און דער נעגאטיווער — "קאטאדע". אין אלגעמיין, אהן א ספעציעלער בעשטימונג אויב פאזיטיוו אדער נעגאטיוו, ווערט א פאל גערופען "עלעקטראדע"].

electrodepos'it *v. and n.* (אי-לעק-טראו-די-פאז'-איט) מאכען דורך עלעקטריציטעט, אז עס זאל זיך אבזעצען א בעשטאנדטייל [ווי מעטאל] פון א כעמישער פערבינדונג; דער בעשטאנדטייל וואס זעצט זיך אב אין א כעמישער פערבינדונג אונטער דער ווירקונג פון עלעקטריציטעט.

electrodeposi'tion *n.* (אי-לעק-טראו-דעפ-א-זיש'-אן) דאס אבזעצען זיך פון א בעשטאנדטייל [ווי מעטאל] אין א כעמישער פערבינדונג דורך דער ווירקונג פון עלעקטריציטעט.

electrodynam'ic *a.* (אי-לעק-טראו-דאי-נעמ'-איק) עלעקטראדינאמיש, וואס איז שייך צו עלעקטראדינאמיק. ז. *electrodynamics*

electrodynam'ical *a.* (אי-לעק-טראו-דאי-נעמ'-אי-קעל) ז. *electrodynamic*

electrodynam'ics *n.* (אי-לעק-טראו-דאי-נעמ'-איקס) עלעקטראדינאמיק, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער געגענזייטיגער ווירקונג פון עלעקטריציטעט און מאגנעט.

electrodynamom'eter *n.* (אי-לעק-טראו-דאי-נע-מאמ'-ע-טער) אן עלעקטראדינאמאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון עלעקטרישען שטראם.

electrodynamomet'rical *a.* (אי-לעק-טראו-דאי-נע-מא-מעט'-רי-קעל) וואס איז שייך צו אן עלעקטראדינאמאמעטער. ז. *electrodynamometer*

elec'tro-engra'ving *n.* (אי-לעק'-טראו-ענ-גריי'-ווינג) דאס גראווירען פלאטען מיט דער הילף פון אן עלעקטראכעמישען פראצעס.

electrogen'esis *n.* (אי-לעק-טרא-דזשענ'-ע-סיס) דאס וואס ווערט פעראורזאכט פון עלעקטריציטעט; דאס וואס ווערט פראדוצירט דורך עלעקטריציטעט.

electrogenet'ic *a.* (אי-לעק-טרא-דזשי-נעט'-איק) וואס ווערט פעראורזאכט אדער פראדוצירט דורך עלעקטריציטעט.

elec'trogild *v.* (אי-לעק'-טרא-גילד) גאלוואניש פערגאלדען, פערגאלדען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

electrog'raphy *n.* (אי-לעק-טראג'-רע-פי) דאס מאכען גראווירונגען אין קופער אדער שטאהל דורך אן עלעקטראכעמישען פראצעס.

electrokinet'ic *a.* (אי-לעק-טראו-קי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו עלעקטריציטעט וואס געפינט זיך אין בעוועגונג; וואס איז שייך צו שטראם-עלעקטריציטעט; וואס איז שייך צו עלעקטראקינעטיק. ז. *electrokinetics*

electrokinet'ics *n.* (אי-לעק-טראו-קי-נעט'-איקס) עלעקטראקינעטיק, דער טייל פון דער עלעקטריציטעטס-וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט עלעקטרישע שטראמען.

electrolog'ic *a.* (אי-לעק-טרא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען עלעקטריציטעט.

electrolog'ical *a.* (אי-לעק-טרא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *electrologic*

electrol'ogist *n.* (אי-לעק-טראל'-א-דזשיסט) א קענער אין עלעקטריציטעט.

electrol'ogy *n.* (אי-לעק-טראל'-א-דזשי) דער טייל פון פיזיק וואס בעהאנדעלט די ערשיינונג און די אייגענשאפטען פון עלעקטריציטעט.

electrol'ysis *n.* (אי-לעק-טראל'-אי-סיס) אן עלעקטראליזע, די אויפלעזונג פון א כעמישער פערבינדונג אויף איהרע בעשטאנדטיילען דורך אן עלעקטרישען שטראם.

elec'trolyte *n.* (אי-לעק'-טרא-לאיט) עלעקטראליט, א כעמישע פערבינדונג וואס קען אויפגעלעזט ווערען אויף איהרע בעשטאנדטיילען דורך אן עלעקטרישען שטראם.

electrolyt'ic *a.* (אי-לעק-טרא-ליט'-איק) וואס איז שייך צו אן עלעקטראליזע. ז. *electrolysis*

electrolyt'ical *a.* (אי-לעק-טרא-ליט'-אי-קעל) ז. *electrolytic*

electrolyt'ically *adv.* (אי-לעק-טרא-ליט'-אי-קעל-אי) אויף אן עלעקטראליטישען אופן, דורך אן עלעקטראליזע. ז. *electrolysis*

electrolyza'tion *n.* (אי-לעק-טרא-לי-זיי'-שאן) דאס אויפלעזען א כעמישע פערבינדונג דורך אן עלעקטרישען שטראם.

elec'trolyze *v.* (אי-לעק'-טרא-לאיז) אויפלעזען א כעמישע פערבינדונג דורך אן עלעקטרישען שטראם.

electromag'net *n.* (אי-לעק-טראו-מעג'-נעט) אן עלעקטרא-מאגנעט, א מאגנעט וואס האט בעקומען זיינע מאגנעטישע אייגענשאפטען דורך דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען שטראם [ווען א שטיק אייזען ווערט ארומגעוויקעלט מיט א דראט, דורך וועלכען עס ווערט געלאזען אן עלעקטרישער שטראם, ווערט דאס אייזען מאגנעטיש].

Electromagnet

electromagnet'ic *a.* (אי-לעק-טראו-מעג-נעט'-איק) וואס איז שייך צו די געגענזייטיגע בעציהונגען פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם; וואס איז שייך צו אן עלעקטראמאגנעט. ז. *electromagnet*

electromagnet'ically *adv.* (אי-לעק-טראו-מעג-נעט'-אי-קעל-אי) דורך עלעקטראמאגנעטיזם, אויף אן עלעקטראמאגנעטישען אופן. ז. *electromagnetism*

electromagnet'ics *n.* (אי-לעק-טראו-מעג-נעט'-איקס) די וויסענשאפט פון עלעקטראמאגנעטיזם. ז. *electromagnetism*

electromag'netism *n.* (אי-לעק-טראו-מעג'-נעט-איזם) עלעקטראמאגנעטיזם, די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם [דורך עלעקטריציטעט ווערט געשאפען מאגנעטיזם און דורך מאגנעטיזם ווערט געשאפען עלעקטריציטעט]; מאגנעטיזם וואס ווערט ארויסגערופען דורך עלעקטריציטעט.

electromed'ical *a.* (אי-לעק-טראו-מעד'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער בענוצונג פון עלעקטריציטעט פאר מעדיצינישע צוועקען.

electromet'allurgy *n.* (אי-לעק-טראו-מעט'-על-אויר-דזשי) עלעקטרא-מעטאלורגיע, די אנווענדונג פון עלעקטריציטעט ביים בעקומען מעטאל פון רויהען ערץ און אויך ביים שמעלצען מעטאלען.

electrom'eter *n.* (אי-לעק-טראמ'-ע-טער) אן עלעקטראמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען עלעקטריציטעט.

electromet'ric *a.* (אי-לעק-טרא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו אן עלעקטראמעטער אדער צו דער מעסטונג פון עלעקטריציטעט.

electromet'rical *a.* (אי-לעק-טרא-מעט'-רי-קעל) ז. *electrometric*

electrom'etry *n.* (אי-לעק-טראמ'-ע-טרי) דער טייל פון דער עלעקטריציטעטס-וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט מעטאדען ווי צו מעסטען עלעקטריציטעט.

electromo'tion *n.* (אי-לעק-טראו-מאו'-שאן) דאס שטראמען פון עלעקטריציטעט, דאס איבערגעהן פון עלעקטריציטעט פון איין מעטאל צום אנדערען; א מעכאנישע בעוועגונג וואס ווערט געשאפען דורך עלעקטריציטעט..

electromo'tive *a.* (אי-לעק-טראו-מאו'-טיוו) עלעקטראמאטאריש, וואס איז שייך צו דער בעוועגונג אדער צו דער שטרעמונג פון עלעקטריציטעט; וואס איז שייך צו די פיזיקאלישע געזעצען וועגען דער שטרעמונג פון עלעקטריציטעט.

electromo'tive force (אי-לעק-טראו-מאו'-טיוו פאורס) די עלעקטראמאטארישע קראפט, די קראפט וואס טרייבט דעם עלעקטרישען שטראם, אז ער זאל פליסען.

electromo'tor *n.* (אי-לעק-טרא-מאו'-טאר) אן עלעקטרישער מאטאר [א מאשין וואס בעוועגט זיך דורך אן עלעקטרישען שטראם]; אן עלעקטרישע קוועלע פון וועלכער מען בעקומט אן עלעקטרישען שטראם.

elec'tron *n.* (אי-לעק'-טראן) ז. *electrum*

electroneg'ative *a.* (אי-לעק-טראו-נעג'-ע-טיוו) וואס איז נעגאטיוו עלעקטריש, וואס דיענט אלס נעגאטיווער פאל [ווי קופער אין בעצוג צו צינק אין אן עלעקטרישער באטעריי].

electroneg'atively *adv.* (אי-לעק-טראו-נעג'-ע-טיוו-לי) אויף א נעגאטיוו-עלעקטרישען אופן.

elec'tro-op'tics *n.* (אי-לעק'-טראו-אפ'-טיקס) עלעקטרא-אפטיק, די לעהרע וועגען די בעציהונגען פון עלעקטריציטעט צו ליכט.

electropath'ic *a.* (אי-לעק-טרא-פעטה'-איק) וואס איז שייך צו עלעקטראפאטיע. ז. *electropathy*

electrop'athy *n.* (אי-לעק-טראפ'-ע-טהי) דאס היילען קראנקהייטען דורך עלעקטריציטעט.

elec'trophone *n.* (אי-לעק'-טרא-פאון) אן עלעקטראפאן [אן אינסטרומענט וואס גיט ארויס קלאנגען ווי פון א טרומייט דורך דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען שטראם פון הויכער שפאנונג].

electroph'orus *n.* (אי-לעק-טראפ'-א-ראס) אן עלעקטראפאר [אן אינסטרומענט צו פראדוצירען עלעקטריציטעט. ער בעשטעהט פון צוויי פלאטען — איינע פון גומי אדער פעך און די צווייטע פון מעטאל וועלכע האט א גלעזערען אדער הילצערען הענטעל. די גומי אדער פעך-פלאטע ווערט געריבען מיט קאצען-פעל אדער פלאנעל און ווערט נאכדעם בעריהרט מיט דער מעטאל-פלאטע. טהוענדיג אזוי מעהרערע מאל, זאמעלט מען אן צווישען דיביידע פלאטען א געוויסע קוואנטיטעט עלעקטריציטעט].

electrophysiolog'ical *a.* (אי-לעק-טרא-פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עלעקטראפיזיאלאגיע. ז. *electrophysiology*

electrophysiol'ogy *n.* (אי-לעק-טרא-פיז-אי-אל'-א-דזשי) עלעקטראפיזיאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די עלעקטרישע ערשיינונגען וועלכע ווערען געשאפען דורך דעם פיזיאלאגישען פראצעס ביי לעבעדיגע ארגאניזמען.

elec'troplate *v. and n.* (אי-לעק'-טרא-פלייט) גאלוואניש פלאטירען, בעדעקען מיט א מעטאל מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט; ארטיקלען וועלכע זיינען בעדעקט מיט מעטאל מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

elec'troplater *n.* (אי-לעק'-טרא-פליי-טער) איינער וואס בעדעקט ארטיקלען מיט מעטאל מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

elec'troplating *n.* (אי-לעק'-טרא-פליי-טינג) די קונסט איבערצוציהען זאכען מיט מעטאל מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

electropo'lar *a.* (אי-לעק-טרא-פאו'-לאר) וואס האט איין ענד א פאזיטיווען און דעם אנדערען א נעגאטיווען, ווי דאס איז דער פאל ביי עלעקטריציטעט.

electropos'itive *a.* (אי-לעק-טרא-פאז'-אי-טיוו) וואס איז פאזיטיוו עלעקטריש; וואס דיענט אלס פאזיטיווער פאל [ווי צינק אין בעצוג צו קופער אין אן עלעקטרישער באטעריי].

elec'troscope *n.* (אי-לעק'-טרא-סקאופ) אן עלעקטראסקאפ, אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען געפינט אויס צי א זאך האט עלעקטריציטעט.

electroscop'ic *a.* (אי-לעק-טרא-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו אן עלעקטראסקאפ. ז. *electroscope*

electrostat'ic *a.* (אי-לעק-טרא-סטעט'-איק) וואס איז שייך צו סטאטישער עלעקטריציטעט [עלעקטריציטעט וואס ווערט ערהאלטען דורך רייבונג ווי פון ברושטין, גלאז, פעך, גומי א. ד. ג. דיעזע עלעקטריציטעט פליסט ניט ווי א שטראם, נאר רוהט אויף אן ארט].

electrostat'ical *a.* (אי-לעק-טרא-סטעט'-אי-קעל) ז. *electrostatic*

electrostat'ically *adv.* (אי-לעק-טרא-סטעט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון סטאטישער עלעקטריציטעט. ז. *electrostatic*

electrostat'ics *n.* (אי-לעק-טרא-סטעט'-איקס) עלעקטראסטאטיק, דער טייל פון דער עלעקטריציטעטס-וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער עלעקטריציטעט וואס ווערט ערהאלטען דורך רייבונג [דיעזע עלעקטריציטעט פליסט ניט ווי א שטראם, נאר געפינט זיך אין א רוהענדען צושטאנד].

electrotech'nic *a.* (אי-לעק-טרא-טעק'-ניק) וואס איז שייך צו עלעקטראטעכניק [די פראקטישע בענוצונג פון עלעקטריציטעט אין דער אינדוסטריע און לעבען].

electrotech'nical *a.* (אי-לעק-טרא-טעק'-ני-קעל) ז. *electrotechnic*

electrotech'nics *n.* (אי-לעק-טרא-טעק'-ניקס) עלעקטראטעכניק, די וויסענשאפט וועגען דער פראקטישער בענוצונג פון עלעקטריציטעט אין דער אינדוסטריע און לעבען.

electrotelegraph'ic *a.* (אי-לעק-טרא-טעל-ע-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צום עלעקטרישען טעלעגראף [דער געוועהנליכער טעלעגראף].

electrotel'egraphy *n.* (אי-לעק-טרא-טעל'-ע-גרעפ-אי) דאס טעלעגראפירען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט [ווי ביי דעם געוועהנליכען טעלעגראף].

electrotherapeu'tic *a.* (אי-לעק-טרא-טהער-ע-פיו'-טיק) וואס איז שייך צו דער היילונג פון קראנקהייטען דורך עלעקטריציטעט.

electrotherapeu'tical *a.* (אי-לעק-טרא-טהער-ע-פיו'-טיק-על) ז. *electrotherapeutic*

electrotherapeu'tics *n.* (אי-לעק-טרא-טהער-ע-פיו'-טיקס) דאס היילען קראנקהייטען דורך עלעקטריציטעט; די פרינציפען פון דיעזער היילונגס-מעטאדע.

electrother'mancy *n.* (אי-לעק-טרא-טהויר'-מענ-סי) דער טייל פון דער עלעקטריציטעטס-וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ווירקונג פון עלעקטרישען שטראם אויף די טעמפעראטור פון אן עלעקטרישען לייטער [קאנדוקטאר], וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון צוויי מעטאלען.

electrothermot'ic *a.* (אי-לעק-טרא-טהויר-מאט'-איק) וואס איז שייך צו ווארעמקייט, וועלכע ווערט ארויסגערופען דורך עלעקטריציטעט.

elec'trotype *v. and n.* (אי-לעק'-טרא-טאיפ) אראבנעהמען אין מעטאל א קאפיע פון גראווירונגען אדער פון עטוואס אנדערעס דורך עלעקטריציטעט; א קאפיע אין מעטאל וואס ווערט אראבגענומען פון א גראווירונג אדער פון עטוואס אנדערעס דורך עלעקטריציטעט [גאלוואנאפלאסטיק].

elec'trotyper *n.* (אי-לעק'-טרא-טאי-פער) איינער וואס נעהמט אראב קאפיעס פון גראווירונגען אדער אנדערע זאכען דורך עלעקטריציטעט [גאלוואנאפלאסטיק].

electrotyp'ic *a.* (אי-לעק-טרא-טיפ'-איק) וואס איז שייך צום אראבנעהמען קאפיעס פון גראווירונגען דורך עלעקטריציטעט [גאלוואנאפלאסטיק].

elec'trotyping *n.* (אי-לעק'-טרא-טאי-פינג) דאס אראבנעהמען קאפיעס פון גראווירונגען אדער פון עטוואס אנדערעס דורך עלעקטריציטעט [גאלוואנאפלאסטיק].

elec'trotypy *n.* (אי-לעק'-טרא-טאי-פי) ז. *electrotyping*

elec'trum *n.* (אי-לעק'-טראם) נייזילבער; ברושטין; גאלד וואס ענטהאלט א גרויסען פראצענט זילבער.

elec'tuary *n.* (אי-לעק'-טשו-ע-רי) אין מעדיצין — א מין פולווער אויסגעמישט מיט האניג אדער סירופ אלס רפואה צו געוויסע קראנקהייטען.

eleemos'ynary *a. and n.* (על-אי-מאס'-אי-נע-רי) וואס איז שייך צו צדקה; וואס ווערט ערהאלטען פון נדבות; וואס לעבט פון קצבה; איינער וואס בעקומט קצבה.

el'egance *n.* (על'-אי-גענס) עלעגאנץ, ציערליכקייט, אנגענעהמליכקייט, גלאנץ, רייץ.

el'egancy *n.* (על'-אי-גענ-סי) ז. *elegance*

el'egant *a.* (על'-אי-גענט) עלעגאנט, פיין, גלענצענד, גראציעז, אנגענעהמליך, העפליך, ציערליך, שעהן.

el'egantly *adv.* (על'-אי-גענט-לי) אויף אן עלעגאנטען, העפליכען אדער גראציעזען שטייגער.

ele'giac *a.* (ע-לי'-דזשי-עק) עלעגיש, טרויעריג; וואס איז שייך צו אן עלעגיע אדער געדיכט, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט א טרויעריגע שטימונג פון פאעט; געשריבען אין עלעגישען מעטער [אזא פארם פון ליעדער-שרייבען].

elegi'acal *a.* (על-אי-דזשאי'-ע-קעל) ז. *elegiac*

el'egist *n.* (על'-אי-דזשיסט) איינער וואס שרייבט עלעגיען אדער קלאג-ליעדער.

ele'git *n.* (אי-לי'-דזשיט) א געריכטליכע שריפט, דורך וועלכער דאס אייגענטום פון א בעל-חוב קען איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון מאהנער און ער קען עס פערהאלטען אלס משכון ביז דער חוב ווערט אבגעצאהלט.

el'egize *v.* (על'-אי-דזשאיז) שרייבען אן עלעגיע; בעקלאגען; שרייבען אין דער פארם פון אן עלעגישען מעטער. ז. *elegiac*

el'egy *n.* (על'-אי-דזשי) אן עלעגיע, א טרויער-ליעד, א געדיכט, אין וועלכען דער פאעט דריקט אויס א מעלאנכאלישע שטימונג.

el'ement *n.* (על'-אי-מענט) עלעמענט, יסוד, א גרונד-זאך, א גרונד-פרינציפ; אין דער פילאזאפיע פון אלטערטום — איינער פון די פיער יסודות [ערד, וואסער, לופט און פייער], פון וועלכע עס בעשטעהט די גאנצע וועלט; אין דער מאדערנער כעמיע — א גרונד-שטאף אדער אן איינפאכסטער שטאף, וועלכען מען קען שוין מעהר ניט פאנאנדערלעגען אויף נאך איינפאכערע שטאפען [ווי קויהלען-שטאף, וואסער-שטאף, זויער-שטאף א. ד. ג.]; אין פיזיק — אן אפאראט פאר גאלוואנישע עלעקטריציטעט; אין מאטעמאטיק — איינע פון א צאהל זאכען אדער געגענשטענדע, וועלכע בילדען אויס איין סימעטרישע גאנצע; איינע פון די אנגעגעבענע צאהלען, דורך וועלכע עס פאדערט זיך צו ענטשיידען א מאטעמאטישע פראבלעם; אין געאמעטריע — איינע פון די פונקטען, ליניען און פלעכען, פון וועלכע עס ווערט געבויט א געאמעטרישע פיגור; אין ביאלאגיע — איינער פון די הויפט-טיילען פון אן ארגאניזם אדער פון אן אבר; די נאטירליכע סביבה אדער ספערע, אין וועלכער א בעשעפעניש קען זיך געפינען.

elemen'tal *a.* (על-אי-מענ'-טעל) וואס איז שייך צום עלעמענט אדער צום גרונד-פרינציפ פון עפעס; וואס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט.

elemen'talism *n.* (על-אי-מענ'-טעל-איזם) די פערגעטערונג פון די עלעמענטען פון דער נאטור, די פערגעטערונג פון דער ערד, וואסער, לופט און פייער [ביי אלטע פעלקער].

elemental'ity *n.* (על-אי-מענ-טעל'-אי-טי) דאס זיין עלעמענטאר, איינפאך; דאס זיין אן עלעמענט אדער די גרונד-זאך פון עפעס.

elemen'tally *adv.* (על-אי-מענ'-טעל-אי) בנוגע צו די עלעמענטען.

elemen'tariness *n.* (על-אי-מענ'-טע-רי-נעס) דאס זיין עלעמענטאר אדער איינפאך.

elemen'tary *a.* (על-אי-מענ'-טע-רי) עלעמענטאר, ערשט; איינפאך, אונפאלקאם.

elemen'tary geom'etry (על-אי-מענ'-טע-רי דזשי-אמ'-עט-רי) עלעמענטא-

רע געאמעטריע [געאמעטריע פאר אנפאנגער].

el'emi *n.* (על'-ע-מי) עלעמיהאריץ [א מין זאפט וואס ווערט ארויסגעצויגען פון ביימער און געברויכט צו מאכען לאקען און מעדיצינען].

elench' *n.* (אי-לענק') אין לאגיק — א סאפיזם, א פאלשער סילאגיזם; דאס פיהרען צו אזא שלום=פאלגערונג, ביי וועלכער דער געגנער ווידערשפרעכט זיך אליין אין זיין בעהויפטונג.

elench'us *n.* (אי-לענק'-אס) ז. *elench*.

el'ephant *n.* (על'-אי-פענט) אן עלפאנט; א שווערע פערלעגענהייט; עטוואס וואס ברייננט אין א פערלעגענהייט אדער פון וואס מען ווייס ניט ווי פטור צו ווערען; עלפאנטביין; צייכען=פאפיער אדער שרייב פאפיער וואס איז 27x22 צאל [אינטשעס].

el'ephant-bee'tle *n.* (על'-אי-פענט-ביטל) אן עלפאנט=קעפער, אן עלפאנטזשוק [א זעהר גרויסער זשוק].

elephan'tiac *a.* (על-אי-פענ'-טי-עק) וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון עלפאנטיאזיס [הויט=קראנקהייט, קרעץ, צרעת].

elephanti'asis *n.* (על-אי-פענ-טאי'-ע-סיס) עלפאנטיאזיס [אזא הויט=קראנקהייט, קרעץ, צרעת].

elephan'tine *a.* (על-אי-פענ'-טין) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו אן עלפאנט; גרויס, שווער, אונגעלומפערט; געמאכט פון עלפאנטביין.

el'ephant's-tusk *n.* (על'-אי-פענטס-טאסק) א צאהן=שנעקע [אזא מאלוסקעל].

el'evate *v.* (על'-אי-ווייט) 1 אויפהויבען, מאכען העכער; 2. דערהויבען, פערעדלען, פערבעסערען; אויפרעגען, אויפמונטערען, בעלעבען; 3. אביסעל פער'שכור'ען.
2. The object of this society is to elevate the stage.

el'evated *a.* and *n.* (על'-אי-וויי-טעד) דערהויבען, פון הויכער שטעלונג, ערהאבען; אויפגעמונטערט, בעלעבט; א הויך באהן.

el'evatedness *n.* (על'-אי-וויי-טעד-נעס) הויכקייט, דערהויבענקייט, הויכע שטעלונג, ערהאבענהייט, אויפגעמונטערטקייט.

eleva'tion *n.* (על-אי-וויי'-שאן) דערהויבונג, אויפהויבונג, הויכקייט, א הויכער פלאץ, הויכע שטעלונג, ערהאבענהייט, אויפמונטערונג; אין אסטראנאמיע — די הויך פון א שטערען פון דעם האריזאנט; די הויכקייט פון א געגענד איבער דער ים=פלעכע; אין דער קריסטליכער קירך — די צערעמאניע פון אויפהויבען די הייליגע ברויט און ווייז; א געזאנג ביי דיעזער צערעמאניע ביי די קאטאליקען; די זייטען=אנזיכט פון א געגענשטאנד.

el'evator *n.* (על'-אי-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס הויבט אויף, דערהויבט אדער מונטערט אויף; א הויבאפאראט, א פאהר=שטוהל, אן עלעוואטאר, א קאסטען אדער וואגאן צו הויבען משאות אדער ארויפצופיהרען מענשען אין הויכע געביידעס; א תבואה=שפייכלער מיט הויבאפאראטען; אין אנאטאמיע — א הויבמוסקעל; א מעדיצינישער אינסטרומענט אויפצוהויבען אן אריינגעדריקטען אדער צובראכענעם טייל פון'ם שארבען.

el'evatory *a.* and *n.* (על'-אי-וויי-טא-רי) וואס הויבט אויף, וואס מאכט העכער; א מעדיצינישער אינסטרומענט אויפצוהויבען אן אריינגעדריקטען אדער צובראכענעם טייל פון א שארבען.

elev'en *n.* and *a.* (אי-לעווען') עלף; די צאהל עלף; א פארטיע אדער צד אין קריקעט=שפיעל [ווערט אזוי גערופען, ווייל געוועהנליך בעשטעהט אזא פארטיע פון 11 מענשען].

elev'enth *a.* and *n.* (אי-לעוו'נטה) עלפטער; אן עלפטעל.

elev'enth hour (אי-לעוו'נטה אור) דער לעצטער מאמענט, פונקט אין דעם מאמענט איידער עס וואלט שוין געווען צו שפעט.

elf *n.* and *v.* (עלף) אן עלף [א גייסט, וועלכער געפינט זיך, לויט דעם פאלק'ס אבערגלויבען, אין אונבעוואהנטע פלעצער]; א גייסט, א שד; א געמיינער קערל; איינער וואס טהוט אב בייזע שפיצלעך; א כיטרער יונג; א קארליק, א צווערג; א צערטליכער נאמען פאר א שעהן, לעבעדיג קינד; פערפלאנטערען, פערקנוילען [האר].

elf'-ar'row *n.* (עלפ'-ער'-או) א שטיינערנע פייל [פון דער שטיין=פעריאדע. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גלויבען וואס האט אמאל עקזיסטירט, אז מיט דיעזע פיילען האבען זיך בענוצט עלפען אדער גייסטער].

elf'-bolt *n.* (עלפ'-באולט) ז. *elf-arrow*.

elf'-child *n.* (עלפ'-טשאילד) א קינד, וואס איז, לויט דעם פאלקס=גלויבען, פערביטען געווארען דורך שדים; א פערביטען קינד.

elf'-dart *n.* (עלפ'-דארט) ז. *elf-arrow*.

el'fin *n.* and *a.* (על'-פין) אן עלף, א גייסט, א שד; א פאנטאסטיש בעשעפעניש; א טייוועל א קינד [א שפאסיגער אדער צערטליכער צונאמען]; וואס איז שייך צו אן עלף. ז. *elf*.

el'fish *a.* (על'-פיש) וואס איז שייך צו אן עלף אדער צום פאנטאסטישען עלפען=לאנד; פעראורזאכט פון עלפען; כיטרע, וואס טהוט אב בייזע שפיצלעך, ווי עלפען. ז. *elf*.

el'fishly *adv.* (על'-פיש-לי) ווי אן עלף; כיטרע; אבטהוענדיג בייזע שפיצלעך. ז. *elf*.

elf'-land *n.* (עלפ'-לענד) דאס עלפען=לאנד, דאס גייסטער=לאנד.

elf'-lock *n.* (עלפ'-לאק) א פערקאלטענעטער האר=לאק; צושויבערטע האר.

elf'-shot *n.* (עלפ'-שאט) ז. *elf-arrow*.

elf'-stone *n.* (עלפ'-סטאון) ז. *elf-arrow*.

elic'it *v.* (אי-ליס'-איט) ארויסציהען; ארויסרופען, ארויסברייננען, ארויסקריגען.
The appeal to the public elicited a response.

elicita'tion *n.* (אי-ליס-אי-טיי'-שאן) ארויסציהונג, ארויסרופונג, דאס ארויסברייננען, דאס ארויסקריגען.

elide' *v.* (אי-לאיד') אין גראמאטיק — ארויסווארפען אדער דורכלאזען א בוכשטאב אדער זילבע אין אויסשפראך אדער אין שריפט [ווי למשל, אין פאל, ווען מען געברויכט "כ'בין" אנשטאט "איך בין"].

eligibil'ity *n.* (על-אי-דזשי-ביל'-אי-טי) וועהלבארקייט; דאס זיין פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; דאס זיין ווינשענסווערטה; דאס זיין פארציגליך.

el'igible *a.* and *n.* (על'-אי-דזשיבל) וועהלבאר; וואס איז פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; ווינשענסווערטה; פארציגליך; איינער וואס איז [געזעצליך] בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט.

el'igibleness *n.* (על'-אי-דזשיבל-נעס) ז. *eligibility*.

el'igibly *adv.* (על'-אי-דזשי-בלי) אויף אזא אופן, אז איינער זאל ווערטה זיין אדער זיין בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען צו אן אמט.

elim'inate *v.* (אי-לימ'-אי-נייט) ארויסווארפען, בעזייטיגען, אבשאפען, ניט נעהמען אין אנבעטראכט, אויסשליסען, פטור ווערען [פון עפעס].

elimina'tion *n.* (אי-לימ-אי-ניי'-שאן) דאס ארויסווארפען, דאס בעזייטיגען, דאס אבשאפען, דאס ניט נעהמען אין אכט, דאס אויסשליסען, דאס פטור ווערען [פון עפעס]; דאס פערטרייבען אדער דאס ארויסווארפען [פון א הויז].

elim'inative *a.* (אי-לימ'-אי-ניי-טיוו) אבלעגענד, אבפיהרענד; וואס ווארפט אב; וואס בעזייטיגט.

elim'inator *n.* (אי-לימ'-אי-ניי-טאר) איינער אדער עפעס וואס בעזייטיגט, ווארפט אב אדער פיהרט אב.

elim'inatory *a.* (אי-לימ'-אי-ניי-טא-רי) ז. *eliminative*.

eli'sion *n.* (אי-ליזש'-אן) דאס ארויסווארפען, דאס ארויסלאזען; אין גראמאטיק — דאס אויסלאזען א בוכשטאב אדער א זילבע. ז. *elide*.

élite' *n.* (איי-ליט') דער בעסטער טייל [הויפטזעכליך פון דער געזעלשאפט]; די פני.

elix'ate *v.* (אי-ליק'-סייט) זידען, קאכען, ארויסציהען די זאפט דורך קאכען.

elixa'tion *n.* (על-איק-סיי'-שאן) דאס זידען, דאס קאכען; דאס ארויסציהען די זאפט דורך קאכען; פערדייאונג.

elix'ir *n.* and *v.* (אי-ליק'-סיר) עליקסיר; אין אלכעמיע — א שטאף וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערוואנדלען פשוט'ע מעטאלען אין גאלד און זילבער, פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד; דער המצית, דער תוך, דער קווינטעסענץ; אין מעדיצין — א שמעקענדער, אנגענעהמער הייל=געטראנק; מאכען עטוואס פאר אן עליקסיר, צוגעבען די אייגענשאפטען פון עליקסיר.

elix'ir vi'tæ (אי-ליק'-סיר וואי'-טיע) דער לעבענס=עליקסיר [א שטאף אין אלכעמיע, וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד].

Elizabeth'an *a.* (אי-ליז-ע-בעטה'-ען) וואס איז שייך צו דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא און צו דער פעריאדע פון איהר רעגיערונג [זי האט רעגיערט פון 1558 ביז 1603].

Elizabeth'an lit'erature (אי-ליז-ע-בעטה'-ען ליט'-ע-רע-טשור) די ענגלישע ליטעראטור=פעריאדע אין דער צייט פון דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא. די פעריאדע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסער צאהל בעדייטענדע שרייבער און ליטעראַרישע ווערק, וועלכע פערנעהמען נאך ביז איצט א גרויסען פלאץ אין דער ענגלישער ליטעראטור. פון די בעדייטענדסטע שרייבער פון יענער צייט זיינען: פרענסיס בייקאן אלס פילאזאף און שעקספיער אלס דראמאטורג.

Elizabeth'an type (אי-ליז-ע-בעטה'-

עז-טאיפ) אין דרוקעריי — אזא לענגליכע שמאלע שריפט. ז. *church text*

elk *n.* (עלק) דאס עלענטהיער [אזא הירש]. ז. *moose*

ell *n.* (על) אן אייל, אן עלע [א לענגען=מאס, הויפטזעכליך פאר טוך. די ענגלישע אייל האלט א יארד און א פיערטעל אדער 45 אינטשעס; די פראנצויזישע — אנדערהאלבען יארד אדער 47.245 אינטשעס; די פוילישע — 22.65 אינטשעס; די פרייסישע — 26.259]; א הויז=פליגעל וואס זעהט אויס ווי דער בוכשטאב *L*; א רעהר־פערבינדונג וואס בילדעט א גלייכען ווינקעל.

ellipse' *n.* (ע-ליפס') אין געאמעטריע — אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

ellip'sis *n.* (ע-ליפ'-סיס) אין גראמאטיק — אן עליפסע [די ארויסלאזונג פון א ווארט אדער א טייל פון א פראזע, א ניט=פאלשטענדיגער זאץ [ווי למשל; "רוהיג!" אנשטאט: "האלט זיך רוהיג!"]; אין דרוקעריי — צייכענס וואס צייגען, אז געוויסע בוכשטאבען אדער ווערטער זיינען דורכגעלאזען געווארען [—, ***, ...].

ellip'sograph *n.* (ע-ליפ'-סא-גרעף) אן עליפסאגראף [אן אינסטרומענט צו צייכענען עליפסען]. ז. *ellipse*

ellip'soid *n.* (ע-ליפ'-סאיד) אין געאמעטריע — אן עליפסאיד [א געאמעטרישער קערפער, וואס ווען ער ווערט געשניטען, גיט ער אין שניט די פארם פון אן עליפסע]. ז. *ellipse*

ellipsoi'dal *a.* (על-איפ-סאי'-דעל) וואס איז שייך צו אן עליפסאיד. ז. *ellipsoid*

ellip'tic *a.* (ע-ליפ'-טיק) עליפטיש, וואס האט די פארם פון אן עליפסע; וואס איז שייך צו אן עליפסע [אין געאמעטריע און גראמאטיק]. ז. *ellipse* און *ellipsis*

ellip'tical *a.* (ע-ליפ'-טי-קעל) ז. *elliptic*

ellip'tic arch (ע-ליפ'-טיק ארטש) אין ארכיטעקטור — א בויגען אדער געוועלב וואס איז ענליך צו אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].



Elliptic Arch

elliptic'ity *n.* (על-איפ-טיס'-אי-טי) דאס זיין עליפסענפערמיג. ז. *ellipse*

ellip'tograph *n.* (ע-ליפ'-טא-גרעף) אן עליפטאגראף אדער עליפסאגראף. ז. *ellipsograph*

ell'wand *n.* (על'-הוואנד) אן אמאליגע איילען=מאס אין ענגלאנד וואס איז געווען 45 צאל [אינטשעס] לאנג.

elm *n.* (עלם) דער אולם=בוים [א מין גרויסער בוים מיט געצייהנדעלטע בלעטער. זיין האלץ ווערט געברויכט אויף פערשיעדענע טישלער=ארבייט].

el'my *a.* (על'-מי) רייך בעוואקסען מיט אולם=בוימער. ז. *elm*

elocu'tion *n.* (על-א-קיו'-שאן) רעדע=קונסט; דאס רעדען; די רעדע=קראפט.

elocu'tionary *a.* (על-א-קיו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דער רעדע=קונסט.

elocu'tionist *n.* (על-א-קיו'-שאנ-איסט) איינער וואס בעזיצט די רעדע=קונסט; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעדע=קונסט אדער לערענט אנדערע די קונסט שעהן צו רעדען.

éloge' *n.* (איי-לאוזש') ז. *elogy*

elo'gium *n.* (אי-לאו'-דזשי-אם) ז. *elogy*

el'ogy *n.* (על'-א-דזשי) א לויב=רעדע [הויפטזעכליך נאך א טויטען].

El'ohim *n.* (על'-א-הים) אלהים [גאט].

El'ohism *n.* (על'-א-היזם) דאס דיענען גאט אלס אלהים [לויט דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאן, האבען די אידען אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע ערטער אנגערופען גאט מיט פערשיעדענע נעמען, ווי אלהים, יהוה, אל שדי א. ד. ג. אונטער דעם נאמען אלהים האט מען וועגען גאט געהאט אן אנדער פארשטעלונג איידער אונטער איינעם פון זיינע אנדערע נעמען].

El'ohist *n.* (על'-א-היסט) דער אלהיסט, דער אונבעוואוסטער שרייבער, וועגען וועלכען מען מיינט, אז ער האט פערפאסט די אלהיסטישע שטעלען פון חומש. ז. *Elohistic*

Elohis'tic *a.* (על-א-היס'-טיק) אלהיסטיש, וואס איז שייך צו די אלהיסטישע שטעלען פון חומש [אין חומש, אין די ערשטע קאפיטלען, קען מען בעמערקען צוויי בעזונדערע ערצעהלונגען וועגען דער בעשאפונג פון דער וועלט און פון מענשען. אין דער ערשטער ערצעהלונג ווערט גאט אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "אלהים" און אין דער צווייטער ערצעהלונג ווערט ער אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "יהוה=אלהים"].

eloign' *v.* (אי-לאין') ז. *eloin*

eloin' *v.* (אי-לאין') דערוייטערען, אבוייטערען.

elong'ate *v. and a.* (אי-לאהנג'-אייט) פערלענגערען, אויסציהען, מאכען לענגער; אויסגעצויגען, פערלענגערט.

elonga'tion *n.* (אי-לאהנג-איי'-שאן) די אויסציהונג, די פערלענגערונג, דאס זיין אויסגעצויגען אדער פערלענגערט; אין אסטראנאמיע — דער מהלך אדער די דיסטאנץ פון א פלאנעט ביז דער זון, אויף וויפיעל מען קוקט אויף דעם פון דער ערד; אין כירורגיע — א טיילווייזע אויסלינקונג פון אן אבר דורך דעם, וואס דער באנדאזש אויף א וואונד איז צו שטארק אנגעצויגען אדער צופיעל פערלענגערט.

elope' *v.* (אי-לאופ') אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי א פרוי ווען זי אנטלויפט מיט אן אנדער מאן]; אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elope'ment *n.* (אי-לאופ'-מענט) דאס אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי דאס אנטלויפען פון א פרוי פון איהר מאן]; דאס אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elo'per *n.* (אי-לאו'-פער) דער וואס אנטלויפט פון א התחיבות אדער געזעצליכען פערבאנד; איינער וואס אנטלויפט מיט א געליעבטער.

el'oquence *n.* (על'-א-קהווענס) עלאקווענץ, בערעדזאמקייט, דאס רעדען מיט שעהנע אויסדריקע; דאס וואס ווערט שעהן ארויסגערעדט אדער אויסגעדריקט.

el'oquent *a.* (על'-א-קהווענט) בערעדזאם, וואס קען אויסדריקען זיינע געפיהלען מיט א שטארקער און שעהנער בערעדזאמקייט; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

el'oquently *adv.* (על'-א-קהווענט-לי) מיט בערעדזאמקייט; דורך רעדען מיט שעהנע און איינדרוקספאלע אויסדריקע.

else *adv.* (עלס) 1. אויף אן אנדער אופן; עטוואס אנדערש; 2. זאנסט, ווען ניט; 3. אנדערשוואו.

1. I shall try something **else**. 2. You must help me, **else** I am ruined. 3. I shall go somewhere **else**.

else'where *adv.* (עלס'-הוועהר) אנדערשוואו.

elu'cidate *v.* (אי-ליו'-סי-דייט) ווארפען א ליכט, קלאר מאכען, ערקלערען.

elucida'tion *n.* (אי-ליו-סי-דיי'-שאן) דאס בעלייכטען, דאס קלאר מאכען, די אויפקלערונג.

elu'cidative *a.* (אי-ליו'-סי-דיי-טיוו) וואס בעלייכטעט, וואס מאכט קלאר, ערקלערענד.

elu'cidator *n.* (אי-ליו'-סי-דיי-טאר) דער וואס בעלייכט אדער מאכט קלאר א זאך; אן ערקלערער.

elude' *v.* (אי-לוד') זיך קינסטליך ארויסדרעהן; פערבלייבען ניט אויפגעדעקט.

elu'dible *a.* (אי-לו'-דיבל) וואס קען זיך ארויסדרעהען [פון פערפאלגונג, פון א קלאפ א. ד. ג.].

E'lul *n.* (אי'-לאל) דער חודש אלול [דער צוועלפטער חודש אין דער אידישער צייטרעכנונג].

elu'sion *n.* (אי-לו'-זשאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון א פערפאלגונג דורך א שפיצעל אדער שווינדעל.

elu'sive *a.* (אי-לו'-סיוו) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפען.

elu'sively *adv.* (אי-לו'-סיוו-לי) ארויסדרעהענדיג זיך מיט א שפיצעל [פון פערפאלגונג א. ד. ג.]; ניט לאזענדיג זיך כאפען.

elu'siveness *n.* (אי-לו'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך ארויסדרעהען מיט א דרעהדעל אדער שפיצעל [פון פערפאלגונג]; דאס ניט לאזען זיך כאפען.

elu'sory *a.* (אי-לו'-סא-רי) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפען; אבנארענד.

elu'tion *n.* (אי-ליו'-שאן) דאס אבשווענקען, דאס אבוואשען; יעדער פראצעס, דורך וועלכען איין קערפער טיילט זיך אב פון אנדערען דורך שווענקען אדער וואשען.

elu'triate *v.* (אי-ליו'-טרי-אייט) רייניגען, אראבוואשען.

elutria'tion *n.* (אי-ליו-טרי-איי'-שאן) דאס רייניגען עפעס דורך וואשען און ארומגיסען.

elve *n.* (עלוו) ז. *elf*

elve'-lock *n.* (עלוו'-לאק) ז *elf-lock*

elves *n.* (עלווז) עלפען. ז. *elf*

el'vet *n.* (על'-וועט) א קליינער עלף [א קארליק, שד]. ז. *elf*

el'vish *a.* (על'-וויש) ז. *elfish*

el'vishly *adv.* (על'-וויש-לי) ז. *elfishly*

el'wand *n.* (על'-הוואנד) ז. *ellwand*

Elys'ian *a.* (אי-ליזש'-יען) וואס איז שייך צום עליזיאום אדער גן=עדן; פול מיט העכסטער הנאה און פערגניגען. ז. *Elysium*

Elys'ium *n.* (אי-ליזש'-אי-אם) דער עליזיאום אדער גן=עדן [דער ארט — לויט די פארשטעלונגען פון די אלטע גריכען — וואו די געשטארבענע העלדען און צדיקים פערברייגען אין אייביגען פערגניגען און גליק].

em *n.* (עם) אין דרוקעריי — דער קוואדראט פון די בלייענע בוכשטאבען.

ema'ciate *v. and a.* (אי-מיי'-שי-אייט) מאכען מאגער; ווערען מאגער, אבצעהרען; אויסגעמאגערט, אבגעצעהרט.
His body has become **emaciated** through sickness.

emacia'tion *n.* (אי-מיי-שי-איי'-שאן) די אויסמאגערונג, די אבצעהרונג.

em'anant *a.* (עמ'-ע-נענט) אויספליסענד. אויסשטראמענד.

em'anate *v.* (עמ'-ע-נייט) ארויסשטאמען, ארויסשטראמען, ארויספליסען.

emana'tion *n.* (עמ-ע-ניי'-שאן) ארויסשטראמונג, ארויספליסונג, ארויסשטראהלונג; השפעה; אין פילאזאפיע — עמאנאציאן, די לעהרע, אז די וועלט איז די השפעה פון גאט, ד. ה. זי איז ניט בעשאפען געווארען אלס חומר, אלס געגענזאץ צו גאט אונ גייסט, נאר זי איז א מין אויסשטראהלונג פון געטליכקייט.

em'anative *a.* (עמ'-ע-ניי-טיוו) ארויסשטראמענד, ארויספליסענד; בעקומען דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatively *adv.* (עמ'-ע-ניי-טיוו-לי) דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatory *a.* (עמ'-ע-ניי-טא-רי) ז. *emanative*.

eman'cipate *v.* (אי-מענ'-סי-פייט) עמאנציפירען, בעפרייען.

emancipa'tion *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן) עמאנציפאציאן, די בעפרייאונג.

emancipa'tionist *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאנ-איסט) א פערטיידיגער פון שקלאפען=בעפרייאונג.

emancipa'tion proclama'tion (אי-מענ-סי-פיי'-שאן פראק-לע-מיי'-שאן) דער בעפרייאונגס=מאניפעסט [דער מאניפעסט וואס איבערהעם לינקאלן, דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען האט ארויסגעלאזען אין יאהר 1864, לויט וועלכען אלע נעגערס זיינען בעפרייט געווארען פון שקלאפעריי].

eman'cipative *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו בעפרייען פון אונטערדריקונג.

eman'cipator *n.* (אי-מענ'-סי-פיי-טאר) אן עמאנציפאטאר, א בעפרייער.
Abraham Lincoln is the **emancipator** of the negro slaves.

eman'cipatory *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טא-רי) וואס איז שייך צו עמאנציפאציא; אדער בעפרייאונג.

emar'ginate *a. and v.* (אי-מאר'-דזשי-נייט) אהן ראנדען, וואס האט ארומגעשניטענע ראנדען; אוועקנעהמען אדער ארומשניידען די ראנדען.

emar'ginated *a.* (אי-מאר'-דזשי-ניי-טעד) ז. *emarginate*.

emas'culate *v. and a.* (אי-מעס'-קיו-לייט) מאכען אויס זכר, קאסטרירען, מסרס זיין; מאכען פרויען=עהנליך; ווערען אויס זכר; ווערען פרויען=עהנליך; אבשוואכען; אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען; געמאכט אויס זכר, קאסטרירט. פרויען=עהנליך, אבגעשוואכט.

emascula'tion *n.* (אי-מעס-קיו-ליי'-שאן) דאס מאכען אויס זכר; דאס ווערען אויס זכר; דאס זיין פרויען=עהנליך; דאס אבשוואכען; זיין אדער ווערען אבגעשוואכט; דאס אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען.

emas'culator *n.* (אי-מעס'-קיו-ליי-טאר) איינער וואס קאסטרירט אדער איז מסרס; איינער וואס שוואכט אב אדער מאכט פרויען=עהנליך.

embale' *v.* (עמ-בייל') איינפאקען, פערפאקען.

emball' *v.* (עמ-באהל') איינפאקען, פערפאקען; ארומרינגלען.

emball'ing *n.* (עמ-באהל'-אינג) דאס אויסצייכנען איינעם דערמיט, וואס מען גיט איהם אין האנד דעם באל אדער קוגעל אלס סמן פון הערשאפט; דאס געבען איינעם קעניגליכע מאכט.

embalm' *v.* (עמ-באהם') בעגיסען מיט זאלב=אויל; באלזאמירען, פערהיטען פון פוילען דורך באלזאמירען [הויפטזעכליך א טויטען קערפער]; קאנזערווירען, בעהאלטען אין זכרון; מאכען שמעקעדיג.

embal'mer *n.* (עמ-באה'-מער) א באלזאמירער [פון טויטע קערפער].

embalm'ment *n.* (עמ-באהמ'-מענט) באלזאמירונג [פון טויטע קערפער].

embank' *v.* (עמ-בענק') בעשיצען מיט אנגעשאטענער ערד; מאכען א גרעבליע [ביים ברעג פון ים אדער א טייך].

embank'ment *n.* (עמ-בענק'-מענט) א שוץ=וואנד פון אנגעשאטענער ערד; א גרעבליע.

embar'go *n. and v.* (עמ-באר'-גאו) א פערבאט פאר האנדעלס=שיפען צו פערלאזען די האפענס; דאס פערכאפען האנדעלס=שיפען; א שטערונג, אן אבהאלט, א פערבאט; פערבאטען שיפען צו פערלאזען די האפענס; פערכאפען; אבהאלטען אדער שטערען די בעוועגונג [הויפטזעכליך פון שיפען].

embark' *v.* (עמ-בארק') ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; זיך זעצען אויף א שיף; אונטערנעהמען, פערווענדען, שטעלען אין קאן, ריזיקירען; ריכטען; זיך לאזען אין א געוויסער ריכטונג אדער צו א געוויסען ציעל.

embarka'tion *n.* (עמ-באר-קיי'-שאן) דאס ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; דאס זעצען זיך אויף א שיף; דאס אבשיקען עפעס דורך א שיף; די מענשען אדער זאכען וואס ווערען געשיקט דורך א שיף; די שיף, אויף וועלכער מען שיקט מענשען אדער זאכען.

embark'ment *n.* (עמ-בארק'-מענט) ז. *embarkation*.

embar'rass *v.* (עמ-בער'-עס) פערפלאנטערען, פערווירען, מאכען שוועריגקייטען אדער שטערונגען, ברייגנען אין פערלעגענהייט, צומישען, צוטומלען.

embar'rassing *a.* (עמ-בער'-עס-אינג) מאכענדיג שוועריגקייטען, שטערענדיג, פערפלאנטערענדיג, פערווירענדיג, צוטומלענדיג, צומישענדיג, ברייגנענדיג אין פערלעגענהייט.

embar'rassingly *adv.* (עמ-בער'-עס-אינג-לי) אויף אן אופן וואס ברייגנט אין פערלעגענהייט, פערווירט, פערפלאנטערט, צומישט אדער מאכט שטערונגען און שוועריגקייטען.

embar'rassment *n.* (עמ-בער'-עס-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פערלעגענהייט, שטערונג, שוועריגקייט, שווערע לאגע, צוטומלעניש, צומישונג.

embase' *v.* (עמ-בייס') ערנידריגען, דעגראדירען; איינדריקען, אויסהוילען; שעדיגען, קלענער מאכען דעם ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; פערפעלשען.

embase'ment *n.* (עמ-בייס'-מענט) ערנידריגונג, שעדיגונג, פעלשונג, פערקלענערונג פון ווערטה. פרייז, ראנג א. ד. ג.; א וואנע.

embas'sador *n.* (עמ-בעס'-ע-דאר) א געזאנדטער. ז. *ambassador*.

em'bassy *n.* (עמ'-בע-סי) דאס אמט, די אויפגאבע אדער שליחות פון א געזאנדטען [פערטרעטער פון איין רעגירונג ביי א צווייטער]; א וויכטיגע אויפגאבע אדער שליחות; די אפיציעלע וואהנונג פון א געזאנדטען; איינער אדער אייניגע וואס האבען א וויכטיגע שליחות אדער מיסיאן.

embat'tle *v. and n.* (עמ-בעטל') אויסשטעלען אין שלאכט=ארדנונג; בעזארגען מיט פעסטונגס=טורעמס; מאכען אין דער פארם פון פעסטונגס=טורעמס אדער פעסטונגס=וואנד; געקארבטע געלענדערס; א קארב [ווי אין א טורם פון פעסטונגס=וואנד וואס האט די פארם פון ⊔].

embat'tlement *n.* (עמ-בעטל'-מענט) פעסטונגס=טורעמס; א געקארבטער געלענדער. ז. *embattle*.

embay' *v.* (עמ-ביי') אריינטרייבען אדער איינשליסען אין א בוכט אדער צווישען קאפען [שפיציגע טיילען פון לאנד וואס שניידען זיך אריין אין ים]; בארען, איינטונקען.

embay'ment *n.* (עמ-ביי'-מענט) א טייל פון ים וואס איז ארומגערינגעלט און בעשיצט פון קאפען. ז. *embay*.

embed' *v.* (עמ-בעד') פערגראבען; אריינלעגען [ווי אין א בעט].

embed'ment *n.* (עמ-בעד'-מענט) דאס פערגראבען, דאס ארומלעגען אדער אריינלעגען [ווי אין א בעט]; דאס מיט וואס מען לעגט ארום אדער אין וואס מען בעגראבט.

embel'lish *v.* (עמ-בעל'-איש) בעציערען, בעפוצען, בעשעהנען.

embel'lishment *n.* (עמ-בעל'-איש-מענט) בעציערונג, בעפוצונג, פערשעהנערונג.

em'ber *n.* (עמ'-בער) א ברענענדיגע קויהל; א פונק; א תקופה [פון צייט], א סעזאן, א יאהרעס=צייט [ווי פריהלינג, זומער א. ד. ג.].

em'ber-days *n.* (עמ'-בער-דייז) די קאטוילישע פאסט=טעג צו דריי טעג [מיטוואך, פרייטאג און שבת] אין אנפאנג פון יעדער יאהרעס=צייט.

em'bered *a.* (עמ'-בערד) בעשטרייט מיט פונקען אדער ברענענדען אש.

em'ber-fast *n.* (עמ'-בער-פעסט) דער קאטוילישער פאסט=טאג אין אנפאנג פון א יאהרעס=צייט.

em'ber-goose *n.* (עמ'-בער-גוהס) דער אייזטויכער [אזא גרויסער וואסער=פויגעל].

em'ber-week *n.* (עמ'-בער-הוויעק) די וואך אין אנפאנג פון א יאהרעס=צייט ווען ביי די קאטויליקען זיינען איינגעפיהרט די פאסט=טעג.

embez'zle *v.* (עמ-בעזל') אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס=אנגעשטעלטען אדער אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zlement *n.* (עמ-בעזל'-מענט) דאס אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס=אנגעשטעלטען אדער אן אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zler *n.* (עמ-בעז'-לער) איינער וואס לאזט ארוב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטעס געלד.

embit'ter *v.* (עמ-ביט'-ער) מאכען ביטער; פערביטערען דאס לעבען.

embit'terer *n.* (עמ-ביט'-ער-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט ביטער אדער פערביטערט.

embit'terment *n.* (עמ-ביט'-ער-מענט) דאס ביטער מאכען; דאס פערביטערען.

emblaze' *v.* (עמ-בלייז') אנצינדען אין פלאמען; מאכען עס זאל העל שיינען אדער גלענצען; בעמאלען מיט וואפען-בילדער אדער מיט הערבען; אויסציערען; זינגען שבחים, הויבען אין הימעל אריין.

embla'zer *n.* (עמ-בליי'-זער) איינער וואס מאכט העל-שיינענד אדער גלענצענד; איינער וואס בעציערט.

embla'zon *v.* (עמ-בליי'-זאן) בעציערען; אילוסטרירען; שטארק לויבען.

embla'zoner *n.* (עמ-בליי'-זאנ-ער) א דעקאראטאר, א פערציערער; אן אילומינאטאר, א פייערווערק-מאכער; אן אויסשרייער, א בעקאנטמאכער, אן אויספויקער, א העראלד.

embla'zonment *n.* (עמ-בליי'-זאנ-מענט) דאס בעקאנט מאכען מיט פויקען און טרומייטען [ווי אין די אלטע צייטען א העראלד]; דאס דעקארירען; דאס אילומינירען.

embla'zonry *n.* (עמ-בליי'-זאנ-רי) די געמעלדען פון הערבען אויף שילדען; די קונסט פון מאלען הערבען, פון דעקארירען אדער אילוסטרירען.

em'blem *n.* (עמ'-בלעם) אן עמבלעם, א בילד אדער א פיגור וואס בעצייכענט עפעס; א סימבאלישער צייכען פון א געוויסער אידעע אדער פארשטעלונג, ווי א קרוין אלס דאס עמבלעם פון מלוכה א. ד. ג.

emblemat'ic *a.* (עמ-בלע-מעט'-איק) עמבלעמאטיש, סימבאליש; וואס איז שייך צו אן עמבלעם. ז. ***emblem***.

emblemat'ical *a.* (עמ-בלע-מעט'-אי-קעל) ז. ***emblematic***.

emblemat'ically *adv.* (עמ-בלע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן עמבלעמאטישען שטייגער; דורך א בילד אדער פיגור, וועלכע בעצייכענט א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג.

em'blematist *n.* (עמ'-בלעמ-ע-טיסט) איינער וועלכער שרייבט אדער צייכענט עמבלעמען. ז. ***emblem***.

em'blematize *v.* (עמ'-בלעמ-ע-טאיז) אויסדריקען א געדאנק אדער אידעע דורך עמבלעמען אדער סימבאלען [דורך אנגעצייכענטע פיגורען אדער סמנים].

em'blements *n.* (עמ'-בלע-מענטס) אין יוריספרודענץ — די פראדוקטען פון ערדארבייט, וועלכע מען פערזייהט יעדען יאהר [ווי קארן, קארטאפעל א. ד. ג.] צום אונטערשייד פון די פראדוקטען, וועלכע מען פערזייהט ניט יעדען יאהר [ווי גראז, פרוכטען א. ד. ג.]; דאס רעכט אויף דיעזען סארט פראדוקטען.

em'blemize *v.* (עמ'-בלע-מאיז) ז. ***emblematize***.

emblos'som *v.* (עמ-בלאס'-אם) בעדעקען מיט בלומען.

embod'iment *n.* (עמ-באד'-אי-מענט) 1. דאס פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; 2. די פערקערפערונג פון אן אידעע אדער געדאנק, דאס אויסדריקען עס אין א בעשטימטער פארם; 3. די פארמולירונג פון א זאך.
2. Abraham Lincoln is the **embodiment** of the American spirit.

embod'y *v.* (עמ-באד'-אי) פערקערפערען, אויסדריקען אין א בעשטימטער קערפערליכער פארם; פארמולירען; פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; זיך פעראייניגען, פעראייניגט ווערען.

embol'den *v.* (עמ-באול'דן) צוגעבען מוטה.

embol'dener *n.* (עמ-באול'דנ-ער) איינער אדער עפעס וואס ערמוטיגט, גיט צו קוראזש.

em'bolism *n.* (עמ'-בא-ליזם) דאס צוגעבען טעג אדער מאנאטען צו א געוויסער צייט-רעכנונג; דאס מאכען אן עבור [ווי למשל, דאס יאהר לויט דער אידישער צייט-רעכנונג האט 354 טעג. כדי אויסצוגלייכען די צייט-רעכנונג פון די אידען מיט דער צייט-רעכנונג פון די אנדערע פעלקער, וועלכע צעהלען אין יאהר 365 טעג, גיט זיך צו אין דער אידישער צייט-רעכנונג צו יעדען 3טען אדער 4טען יאהר אן איבריגער חודש אדער עבור].

embolis'mal *a.* (עמ-בא-ליז'-מעל) וואס איז שייך צו אן עבור.

embolismat'ic *a.* (עמ-בא-ליז-מעט'-איק) ז. ***embolismal***.

embolismat'ical *a.* (עמ-בא-ליז-מעט'-אי-קעל) וואס האט אן עבור.

embolis'mic *a.* (עמ-בא-ליז'-מיק) ז. ***embolismal***.

embolis'mical *a.* (עמ-בא-ליז'-מי-קעל) ז. ***embolismatical***.

em'bolite *n.* (עמ'-בא-לאיט) דער עמבאליט [א מין געלבער אדער גרינער מינעראל, געפינט זיך אין טשילי און מעקסיקא].

em'bolus *n.* (עמ'-בא-לאס) דאס וואס איז אריינגעשטעלט אדער בעוועגט זיך אין אן אנדער זאך; דער קאלבען פון א פומפ.

embonpoint' *n.* (אנ-באהנ-פואן') גראבקייט, אונגעלומפערטקייט.

embor'der *v.* (עמ-באהר'-דער) בעזוימען; בעפוצען ווי מיט א זוים.

embos'om *v.* (עמ-בוז'-אם) צודריקען צום הארצען; צערטלען, לאשטשען; איינשליסען, בעהאלטען.

emboss' *v.* (עמ-באס') אויסקלאפען אדער אויסדריקען בולט'ע פיגורען אין פערשיעדענע מאטעריאלען, ווי אין לעדער, בלעך, פאפיער א. ד. ג.].

embossed' *a.* (עמ-באסט') אויסגעארבייט מיט בולט'ע פיגורען; אנגעבלאזען; מיט א הויקער; רעליעף.

embossed' map (עמ-באסט' מעפ) א לאנדקארטע וואס איז אויסגעארבייט געווארען מיט בולט'ע צייכנונגען.

emboss'er *n.* (עמ-באס'-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט אויס בולט'ע פיגורען.

emboss'ing *n.* (עמ-באס'-אינג) דאס אויסקריצען בולט'ע פיגורען.

emboss'ment *n.* (עמ-באס'-מענט) בולט'קייט, בולט'ע פיגורען.

embouchure' *n.* (אנ-בו-שיער') די עפענונג אדער דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים אדער אין אן אזיערע; א מונדשטיק פון א מוזיקאלישען בלאז-אינסטרומענט; די שטעלונג פון דעם מויל ביים שפיעלען מיט א בלאז-אינסטרומענט.

embow' *v.* (עמ-באו') אויסבויגען ווי א דוהגע.

embowed' *a.* (עמ-באוד') אויסגעבויגען [ווי א דוהגע].

embow'el *v.* (עמ-באו'-על) איינשליסען אדער בעהאלטען אין עטוואס; בעגראבען; ארויסנעהמען די געדערים אדער דעם אינגעווייד.

embow'eler *n.* (עמ-באו'-על-ער) איינער וואס נעהמט ארויס דעם אינגעווייד אדער די געדערים.

embow'eller *n.* (עמ-באו'-על-ער) ז. ***emboweler***.

embow'elment *n.* (עמ-באו'-על-מענט) דאס ארויסנעהמען דעם אינגעווייד אדער די געדערים.

embow'elments *n.* (עמ-באו'-על-מענטס) דער אינגעווייד; די געדערים.

embow'er *v.* (עמ-באו'-ער) וואהנען אין א שאטען-ביידעל אדער צווייגען-ביידעל; בעשיצען מיט א שאטען-ביידעל.

embox' *v.* (עמ-באקס') איינפאקען אין א שאכטעל; אוועקזעצען אין לאזשע אין א טעאטער.

embrace' *v. and n.* (עמ-בריים') אומארמען, ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען; ארומכאפען; אנכאפען; איינשליסען; אננעהמען; נעהמען מיט חשק; פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.; אן אומארמונג; דאס ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען.

embrace' an of'fer (עמ-בריים' ען אפ'-ער) אננעהמען א פארשלאג; זיך אנכאפען אן א פארשלאג.

embrace' an opportu'nity (עמ-בריים' ען א-פאר-טיו'-ני-טי) בענוצען א געלעגענהייט.

embraced' *a.* (עמ-בריי'סט) צונויפגעשלאסען אדער צונויפגעבונדען צוזאמען.

embrace'ment *n.* (עמ-בריים'-מענט) אן אומארמונג; א בערייטוויליגע אננאהמע.

embra'cer *n.* (עמ-בריי'-סער) איינער וואס אומארמט אדער נעהמט ארום; איינער וואס פראבירט בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embra'cery *n.* (עמ-בריי'-סער-אי) דאס פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embrace' the occa'sion (עמ-בריים' טהי א-קיי'-זשאן) זיך נעהמען די געלעגענהייט.

embranche'ment *n.* (עמ-ברענטש'-מענט) ז. ***embranchment***.

embranch'ment *n.* (עמ-ברענטש'-מענט) א פערצווייגונג [פון בוימער, פון מינים, פון א געשעפט א. ד. ג.].

embran'gle *v.* (עמ-ברענ'גל) שטארק פערפלאנטערען.

embran'glement *n.* (עמ-ברענ'גל-מענט) א פלאנטער, א פערווירונג, א פערדרעהעניש.

em'brasure *n.* (עמ'-בריי-זשור) אן עמבראזור, א לאך אין א פעסטונגס-וואנד צום שיסען פון דארט מיט א קאנאן.

embra'sure *n.* (עמ-בריי'-זשור) דער פערגרעסערטער חלל וואס ווערט געמאכט אין א וואנד פאר א פענסטער אדער טהיר דורך דעם, וואס די אינוועניגסטע זייטען פון חלל ווערען געמאכט אבגעשרעגט.

em'brocate *v.* (עמ'-ברא-קייט) איינרייבען מיט א פליסיגקייט אדער זאלב [ווי מען טהוט עס מיט א געשווילעכטס].

embroca'tion *n.* (עמ-ברא-קיי'-שאן) די איינרייבונג פון א געשווילעכטס מיט א זאלב אדער פליסיגקייט.

embro'glio *n.* (עמ-בראו'-ליאו) א פערפלאנטערונג, א פערווירונג, א פערוויקלונג.

embroi'der *v.* (עמ-בראי'-דער) 1. שטיקען, העפטען, אויסנעהען; 2. אויספוצען

מיט שעהנע ווערטער; צופוצעו, שעהנער מאכען ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.
2. The story has been considerably embroidered.

embroi'derer *n.* (עמ-בראָי'-דער-ער) א שטיקער, א שטיקערין, א העפטער, א העפטערין, אן אויסנעהער, אן אויסנעהערין; איינער וואס פוצט אויס אדער פערציערט מיט שעהנע ווערטער.

embroi'dery *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי) שטיקעריי ארבייט; פערציערונג, בעפוצונג.

embroi'dery-frame *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-פריים) א ראהם וואס ווערט געברויכט ביים אויסנעהען אדער שטיקען.

embroi'dery-nee'dle *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-ניעדל) א שטיקעריי-נאדעל, א העפט-נאדעל.

embroi'dery-paste *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-פּייסט) אזא קליי וואס ווערט בענוצט ביי שטיקעריי ארבייט.

embroil' *v.* (עמ-בראָיל') אריינפּלאָנטערן, אריינשלעפען אין א צרה; פערפּלאָנטערן; ברייננען אין אן אונארדנונג.

embroil'ment *n.* (עמ-בראָיל'-מענט) פערפּלאָנטערונג, פערווירונג; אונארדנונג; דאס זיין פערפּלאָנטערט.

embrown' *v.* (עמ-בראַון') מאכען ברוין אדער טונקעל; ווערען ברוין אדער טונקעל.

embrute' *v.* (עמ-ברוט') מאכען ברוטאל; ווערען ברוטאל.

em'bryo *n. and a.* (עמ'-ברי-או) דער עמבריא, די זאמען אין מוטער-לייב פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דאס קינד, די פרוכט אין מוטער-לייב אין סאמע אנפאנג פון דער ענטוויקלונג; דער פלאנצען-קיים, די פלאנצע וואס איז ענטהאלטען אין דעם זאמען בעפאר זי איז ארויסגעוואקסען; דער גאנץ ערשטער אנפאנג פון עטוואס, איידער עס האט זיך נאך אנגעפאנגען ענטוויקלען; דאס וואס האלט אין ווערען; וואס האלט אין ארויסוואקסען, וואס האלט אין ווערען.

embryoc'tony *n.* (עמ-ברי-אָק'-טא-ני) דאס צושטערען דאס קינד אין מוטערס בויך, ווען די געבורט איז אונמעגליך.

embryogen'ic *a.* (עמ-ברי-א-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג פון אן ארגאניזם.

embryog'eny *n.* (עמ-ברי-אָדזש'-ע-ני) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*

embryog'ony *n.* (עמ-ברי-אָג'-א-ני) ז. *embryogeny*

em'bryograph *n.* (עמ'-ברי-א-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א פאטאגראפישען אפּאראט און א מיקראסקאפּ פאר דעם צוועק אראבצונעהמען בילדער פון אן עמבריא.

embryog'raphy *n.* (עמ-ברי-אָג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דעם עמבריא און זיין ענטוויקלונג. ז. *embryo*

embryolog'ic *a.* (עמ-ברי-א-לאָדזש'-איק) וואס איז שייך צו עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryolog'ical *a.* (עמ-ברי-א-לאָדזש'-אי-קעל) ז. *embryologic*

embryolog'ically *adv.* (עמ-ברי-א-לאָדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו די פרינציפּען פון עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryol'ogist *n.* (עמ-ברי-אָל'-א-דזשיסט) א קענער אין עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryol'ogy *n.* (עמ-ברי-אָל'-א-דזשי) עמבריאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*

em'bryon *n.* (עמ'-ברי-אָן) ז. *embryo*

em'bryonal *a.* (עמ'-ברי-אָנ-על) וואס איז שייך צו אן עמבריא אדער צו דעם עמבריאנישען צושטאנד פון אן ארגאניזם.

em'bryonate *a.* (עמ'-ברי-אָנ-אייט) וואס איז אין דעם צושטאנד פון אן עמבריא; וואס איז שייך צו אן עמבריא.

em'bryonated *a.* (עמ'-ברי-אָנ-איי-טעד) ז. *embryonate*

embryon'ic *a.* (עמ-ברי-אָנ'-איק) וואס איז שייך צו אן עמבריא; וואס איז אין דעם עמבריאנישען צושטאנד.

embryon'ically *adv.* (עמ-ברי-אָנ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו אן עמבריא; אין אן עמבריאנישען צושטאנד.

embryoplas'tic *a.* (עמ-ברי-א-פּלעס'-טיק) וואס איז שייך צו דער בילדונג פון אן עמבריא.

em'bryoscope *n.* (עמ'-ברי-א-סקאָפּ) אזא שפּאקטיוו צו בעאבאכטען די ענטוויקלונג פון אן עמבריא.

embryot'ic *a.* (עמ-ברי-אָט'-איק) ז. *embryonic*

embryoto'cia *n.* (עמ-ברי-א-טאָו'-סי-א) א מפּיל; דאס מפּיל זיין.

embryot'omy *n.* (עמ-ברי-אָט'-א-מי) די אנאטאמירונג, צושניידונג אדער צוגליעדערונג פון דעם עמבריא; דאס צושניידען דאס קינד אין מוטער-לייב.

emeer' *n.* (ע-מיער') אן עמיר. ז. *emir*

emend' *v.* (אי-מענד') צורעכטמאכען, פערבעסערען, אויסבעסערען.

emen'dable *a.* (אי-מענ'-דעבל) וואס מען קען פערבעסערען אדער צורעכטמאכען.

emen'date *v.* (אי-מענ'-דייט) ז. *emend*

emenda'tion *n.* (עמ-ען-דיי'-שאָן) די אויסבעסערונג פון פעהלער, די פערריכטונג פון גרייזען אין א שריפט אדער בוך.
The manuscript was printed with many emendations.

em'endator *n.* (עמ'-ען-דיי-טאָר) א פערבעסערער, אן אויסבעסערער; איינער וואס פערריכט גרייזען אין א שריפט אדער בוך.

emen'datory *a.* (אי-מענ'-דיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אויסבעסערונגס ארבייט.

emen'der *n.* (אי-מענ'-דער) ז. *emendator*

em'erald *n. and a.* (עמ'-ע-רעלד) דער סמאראגד [אזא טייערער גרינער עדעל-שטיין]; גרין ווי א סמאראגד.
ז. איל. *"Gems"*

em'eralder *n.* (עמ'-ע-רעל-דער) אן אירלענדער [הומאריסטיש].

em'erald green (עמ'-ע-רעלד גריען) סמאראגד-גרין. ז. איל. *"Colors"*

em'eraldine *n.* (עמ'-ע-רעל-דין) דאס סמאראגד-גרין [א דונקעל-גרינע אנאלין-פארב].

Em'erald Isle (עמ'-ע-רעלד איל) דער סמאראגדען אינזעל, דער גרינער אינזעל [אירלאנד].

emerge' *v.* (אי-מוירדזש') ארויסקומען, ערשיינען, זיך בעווייזען; ענטשטעהן, אנפאנגען עקזיסטירען.

emer'gence *n.* (אי-מויר'-דזשענס) דאס ארויסקומען; דאס ערשיינען; דאס בעווייזען זיך; דאס ענטשטעהן.

emer'gency *n.* (אי-מויר'-דזשענ-סי) א נויט-פאל; אן אונערווארטעטער צופאל אדער נויט-פאל.

emer'gent *a.* (אי-מויר'-דזשענט) וואס ערשיינט, וואס בעווייזט זיך; ענטשטעהענד; אונפאראויסגעזעהן, אונערווארטעט; וויכטיג, דרינגענד.

emer'gently *adv.* (אי-מויר'-דזשענט-לי) דורך אן אונערווארטעטען צופאל; לויט דער פאדערונג פון די אומשטענדען.

em'eril *n.* (עמ'-ע-ריל) א דימענט פון א גלעזער [צו שניידען גלאז].

emer'itus *a. and n.* (אי-מער'-אי-טאָס) וואס האט זיך צוריקגעצויגען מיט עהרע פון דיענסט אדער אמט [צוליעב קראנקהייט אדער עלטער א. ד. ג.] און איז געבליבען ביים פולען טיטעל אדער ראנג; אין דער רוימישער געשיכטע — אן אויסגעדיענטער סאלדאט.
He is president emeritus of the university.

emer'sion *n.* (אי-מויר'-שאָן) דאס ארויסקומען, דאס ערשיינען, דאס בעווייזען זיך.

Emerso'nian *a. and n.* (עמ-אויר-סאָו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דעם אמעריקאנער פילאזאף און פאעט ראלף וואלדא עמערסאן אדער צו זיינע שריפטען; אן אנהענגער פון עמערסאן [געבארען אין 1803, געשטארבען אין 1882].

em'ery *n.* (עמ'-ע-רי) שמירגעל [א מין הארטער מינעראל וועלכען מען בענוצט צום שלייפען און פאלירען גלאז, שטיין, מעטאל א. ד. ג.].

em'ery-pa'per *n.* (עמ'-ע-רי-פּיי'-פּער) שמירגעל-פאפּיער, זאמד-פאפּיער וואס ווערט בענוצט צו שלייפען אדער פאלירען.

em'ery-wheel *n.* (עמ'-ע-רי-הוויעל) א ראד וואס איז בעדעקט מיט שמירגעל-פאפּיער [זאמד-פאפּיער], וועלכער ווערט בענוצט צום שלייפען און פאלירען.

emet'ic *a. and n.* (אי-מעט'-איק) וואס רופט ארויס ברעכען; א ברעך-מיטעל.

emet'ical *a.* (אי-מעט'-אי-קעל) וואס רופט ארויס ברעכען.

emet'ically *adv.* (אי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א שטייגער, וואס רופט ארויס ברעכען.

emetocathar'tic *a. and n.* (עמ-ע-טאָו-קע-טהאר'-טיק) וואס רופט ארויס ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך; א מעדיצין וואס רופט ארויס ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך.

emetol'ogy *n.* (עמ-ע-טאָל'-א-דזשי) די מעדיצינישע פארשונג וועגען ברעכען און ברעך-מיטעל.

e'meu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס-עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען, וועלכער האט נור דריי פוס-פינגער. ז. *emu*

émeute' *n.* (איי-מויט') א בונט; א טומעל.

e'mew *n.* (אי'-מיו) ז. *emu*

emica'tion *n.* (ע-מי-קיי'-שאָן) דאס

שפריצן פונקצן [ווי ביים שמירען אייזען].

emic'tion *n.* (אי־מיק'־שאַן) אורין, השתנה; דאָס משתין זיין, דאָס לאָזן אורין.

emic'tory *a. and n.* (אי־מיק'־טאָ־רי) וואָס טרייבט אָב אורין [השתנה]; אַ מעדיצין צום אָבטרייבן אורין.

em'igrant *n. and a.* (עמ'־אי־גרענט) אַן עמיגראַנט, אַן אויסוואַנדערער; וואָס איז שייך צו עמיגראַציאָן אָדער עמיגראַנטען; עמיגרירענד, אויסוואַנדערענד.

em'igrant aid soci'ety (עמ'־אי־גרענט אייד סאָ־סאַי'־ע־טי) אַ געזעלשאַפט צו שטיצען עמיגראַנטען [אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — אַ געזעלשאַפט וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע, הויפּטזעכליך אין יאָהר 1854, צו העלפען קאָלאָניזירען קאַנזאַס מיט עמיגראַנטען פון די נאָרד שטאַאַטען, אום צו שטערען די איינוואַנדערער פון דער שקלאַפען־טרייבערישער זייט איינצופיהרען שקלאַפעריי אין יענער טעריטאָריע].

em'igrate *v.* (עמ'־אי־גרייט) עמיגרירען, אויסוואַנדערען.

emigra'tion *n.* (עמ־אי־גריי'־שאַן) עמיגראַציאָן, אויסוואַנדערונג.

emigra'tional *a.* (עמ־אי־גריי'־שאַנ־על) וואָס איז שייך צו עמיגראַציאָן [אויסוואַנדערונג].

emigra'tionist *n.* (עמ־אי־גריי'־שאַנ־איסט) איינער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער עמיגראַציאָנס־פראַגע.

em'inence *n.* (עמ'־אי־נענס) אַ דערהויבונג, אַן אַרויסשטאַרצונג; אַן אַנגעזעהענער פּלאַץ אָדער לאַגע, אַ הויכער פּלאַץ; הויכע שטעלונג, ווירדע, ראַנג אַ. ד. ג.; וויכטיגקייט, אַנגעזעהענקייט; ערהאַבענהייט; הויכע שטופע; עמינענץ [דער טיטול פון אַ קאַרדינאַל].

em'inency *n.* (עמ'־אי־נענ־סי) ז. *eminence*.

em'inent *a.* (עמ'־אי־נענט) עמינענט, הויך; אַרויסשטאַרצענד; ערהאַבען; וויכטיג, פּראָמינענט, בעריהמט, אָנגעזעהן, אויסגעצייכענט; וואָס האָט די העכסטע מאַכט.

Eminent authors were present at the banquet.

em'inently *adv.* (עמ'־אי־נענט־לי) אויף אַ הויכער שטופע; אויף אַן אָנגעזעהענעם שטייגער; מיט אויסצייכנונג, מיט פאַרנעהמקייט; אין העכסטען גראַד; פאָלקאָמען; אַבסאָלוט.

emir' *n.* (ע־מיר') אַן עמיר [ביי די אַראַבער און אַנדערע מחמד'אַנישע פעלקער — דער עלטסטער פון אַ פאַמיליע אָדער שבט, אַ הערשער; אין טערקיי — אַ הויכער בעאַמטער].

em'issary *n. and a.* (עמ'־אי־סע־רי) אַן עמיסאַר, אַ שליח, אַן אַגענט [הויפּטזעכליך אַ געהיימ־אַגענט, אַ שפּיאָן]; אַן אויספלוס פאַר וואַסער, אַן אָבפיהרונגס־קאַנאַל; אַן אָבפיהרונגס־קאַנאַל אין קערפּער; אַרויסלאָזענדיג; וואָס מאַכט אַן אויספלוס אָדער אויסגאַנג; וואָס איז שייך צו אַן עמיסאַר; פאַרשענד; שפּיאָנירענד.

em'issaryship *n.* (עמ'־אי־סע־רי־שיפּ) דאָס אַמט פון אַן עמיסאַר. ז. *emissary*.

emis'sion *n.* (אי־מיש'־אַן) דאָס אַרויסלאָזען, דאָס אַרויסוואַרפען; אויסשטראַמונג, אויספלוס; אַ געוויסע צאָהל געלד, באַנקנאָטען אַ. ד. ג., וואָס ווערט איינציטיג אַרויסגעלאָזט אין אומגאַנג; אין פּיזיאָלאָגיע — אַן אויספלוס, הויפּטזעכליך אַן אונפרייוויליגער אויספלוס פון זרע.

emis'sive *a.* (אי־מיס'־איוו) אַרויסלאָזענדיג, אויספליסענדיג, אויסשטראַמענדיג, אויסשטראַהלענדיג [ווי ליכט]; וואָס איז שייך צו ניוטאָן'ס לעהרע וועגען ליכט [די בעהויפּטונג, אַז דאָס ליכט קומט דערפון, וואָס קליינע טיילעכלעך פון דעם לייכטענדען שטאָף אָדער קערפּער טיילען זיך אָב פון איהם].

emis'sive pow'er (אי־מיס'־איוו פּאַו'־ער) די פעהיגקייט אויסצושטראַמען אָדער אַרויסצולאָזען פון זיך ליכט אָדער היץ. ז. *radiating power*.

em'issory *a.* (עמ'־אי־סאָ־רי) אַרויסלאָזענדיג, אויסשטראַמענדיג, אויספליסענדיג.

emit' *v.* (אי־מיט') אַרויסלאָזען, אַרויסוואַרפען; אויספליסען, אויסשטראַמען, ברייגנען אין אומגאַנג [געלד, באַנקנאָטען אַ. ד. ג.]; אַרויסגעבען אַ בעפעהל אָדער בעשטימונג.

Emman'uel *n.* (ע־מענ'־יו־על) ז. *Immanuel*.

emmenagog'ic *a.* (ע־מענ־ע־גאַדזש'־איק) וואָס איז שייך צו אַ מעדיצינישען מיטעל אַרויסצורופען מענסטרואַציע [רעגעל, פּעריאָדע, מאַנאַטליכע — ביי פרויען]; וואָס רופט אַרויס מענסטרואַציע.

emmen'agogue *n.* (ע־מענ'־ע־גאַג) אַ מעדיצינישער מיטעל אַרויסצורופען מענסטרואַציע [רעגעל, פּעריאָדע, מאַנאַטליכע — ביי פרויען].

emmenolog'ical *a.* (ע־מענ־אָ־לאַדזש'־אי־קעל) וואָס איז שייך צו דעם טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואַציע [רעגעל, פּעריאָדע, מאַנאַטליכע — ביי פרויען].

emmenol'ogy *n.* (עמ־ע־נאָל'־אָ־דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואַציע [רעגעל, פּעריאָדע, מאַנאַטליכע — ביי פרויען].

em'met *n.* (עמ'־עט) אַ מוראַשקע.

emmew' *v.* (ע־מיו') איינשפּאַרען; בעהאַלטען.

emolles'cence *n.* (עמ־אָ־לעס'־ענס) דאָס ווייך ווערען, דאָס צוקראַכען ווערען [וועגען עטוואָס האַלט ביים צושמעלצען ווערען].

emol'liate *v.* (אי־מאַל'־יע־יט) מאַכען ווייך, שוואַך אָדער פרויען־עהנליך.

emol'lient *n. and a.* (אי־מאַל'־יענט) וואָס מאַכט ווייך; עטוואָס מיט וואָס מען מאַכט ווייך.

emol'ument *n.* (אי־מאַל'־יו־מענט) נוצען; נוצען אָדער איינקונפט [פון אַן אַמט]; בעלוינונג; פּראָפיט; פּאָרטייל; נעבען־איינקונפט; געווינס.

emolumen'tal *a.* (אי־מאַל־יו־מענ'־טעל) ניצליך, איינטרעגליך.

emo'tion *n.* (אי־מאָו'־שאַן) אויפרעגונג פון געמיטה; אויפרעגונג פון געפיהלען; ריהרונג.

emo'tional *a.* (אי־מאָו'־שאַנ־על) וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען; וואָס ווירקט אויף די געפיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואָס דריקט אויס ריהרונג אָדער געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tionalism *n.* (אי־מאָו'־שאַנ־על־איזם) דאָס זיין געניינט צו געמיטהס־אויפרעגונג אָדער גערירט צו ווערען; דאָס ווירקען אויף די מאָמענטאַנע געפיהלען.

emo'tionalist *n.* (אי־מאָו'־שאַנ־על־איסט) איינער אין וועמען מען קען לייכט אַרויסרופען אַן אויפרעגונג פון געמיטה אָדער פון געפיהלען; איינער וואָס ווערט געפיהרט פון זיינע לייכט אויפרעגבאַרע געפיהלען; איינער וואָס שטרעבט נור צו ווירקען דורך דער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emotional'ity *n.* (אי־מאָו־שאַנ־על'־אי־טי) דאָס זיין געניינט צו געמיטהס־אויפרעגונג אָדער גערירט צו ווערען; דאָס אויסדריקען געמיטהס־אויפרעגונג אָדער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emo'tive *a.* (אי־מאָו'־טיוו) ריהרענד, וואָס רעגט אויף דעם געמיטה, וואָס צייגט אַרויס געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tively *adv.* (אי־מאָו'־טיוו־לי) אויף אַ ריהרענדען אופן; דורך געמיטהס־אויפרעגונג.

empale' *v.* (עמ־פּייל') אַרומצאַמען מיט פּלעקער, בעפעסטיגען מיט פּלעקער; שטעלען זייט ביי זייט; הינריכטען דורך אַוועקזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען; טויטען דורך דורכשטעכען מיט אַ שפּיציגער זאַך.

empaled' *a.* (עמ־פּיילד') פערצאַמט אָדער בעפעסטיגט מיט פּלעקער; געשטעלט זייט ביי זייט; הינגעריכטעט דורך אַרויפזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען.

empale'ment *n.* (עמ־פּייל'־מענט) דאָס אַרומצאַמען מיט פּלעקער; דער פּלאַץ וועלכער איז אַרומגעצאַמט מיט פּלעקער; דאָס הינריכטען דורך אַוועקזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען.

empan'el *v.* (עמ־פּענ'־על) פערשרייבען אין ליסט פון געריכטס־געשוואָרענע; פאַררופען נאָך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשוואָרענע].

empan'elment *n.* (עמ־פּענ'־על־מענט) דאָס פערשרייבען אין דער ליסט פון געריכטס־געשוואָרענע; דאָס פאַררופען נאָך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשוואָרענע].

emparch'ment *v.* (עמ־פּאַרטש'־מענט) שרייבען אויף פּאַרמעט.

empasm' *n.* (עמ־פּעזם') אַ פּולווער צו בעזייטיגען אַ שלעכטען גערוך.

em'peror *n.* (עמ'־פּער־אָר) אַ קייזער; אַ נאָמען פון געוויסע שמעטערלינגע, פויגלען און אויך שלאַנגען.

em'peror-moth *n.* (עמ'־פּער־אַר־מאָטה) אַ מין שמעטערלינג אָדער זומערפויגעלע, וואָס פליהט אום נור ביי נאַכט.

em'perorship *n.* (עמ'־פּער־אַר־שיפּ) דאָס קייזערטום, די מאַכט פון אַ קייזער.

em'pery *n.* (עמ'־פּער־אי) די אימפּעריע, די מלוכה; די ממשלה; די הערשאַפט פון אַ קייזער.

em'phasis *n.* (עמ'־פע־סיס) די שטאַרקע בעטאָנונג אָדער אונטערשטרייכונג פון ווערטער; דער מעכטיגער אויסדרוק.

em'phasize *v.* (עמ'־פע־סאַיז) 1. אַרויסזאָגען אָדער אויסדריקען מיט קראַפט; 2. שטאַרק בעטאָנען אָדער אונטערשטרייכען די ווערטער.

1. The speaker emphasizes his remarks with gestures. 2. To emphasize a thought we underline the important words.

emphat'ic *a.* (עמ־פעט'־איק) נאַכדריקליך, אויסגעדריקט מיט קראַפט; איינדרוקספול, קרעפטיג.

emphat'ical *a.* (עמ־פעט'־אי־קעל) ז. *emphatic*.

emphat'ically *adv.* (עמ-פעט'-אי-קעל-אי) מיט נאכדרוק, מיט אן איינדרוקספולער שטימע; אויף א קרעפטיגען אויסדרוקס אופן.

emphyse'ma *n.* (עמ-פי-סי'-מא) א ווינדגעשווילעכץ.

emphysem'atose *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאוס) ז. *emphysematous*

emphysem'atous *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאס) ווי א ווינדגעשווילעכץ; וואס איז שייך צו א ווינדגעשווילעכץ.

em'pire *n.* (עמ'-פאיר) אן אימפעריע, א קייזער־רייך, א קייזערטום; די אלערהעכסטע מאכט.

Em'pire Cit'y (עמ'-פאיר סיט'-אי) די שטאדט ניו יארק.

em'pireship *n.* (עמ'-פאיר-שיפ) דאס קייזערטום; די קייזערליכע מאכט.

Em'pire State (עמ'-פאיר סטייט) דער שטאאט ניו יארק.

Empir'ic *n.* (עמ-פיר'-איק) איינער פון דער עמפירישער מעדיצינישער סעקטע אין אלטען גריכענלאנד, וועלכע האט בעהויפטעט, אז דער פונדאמענט פון דער וויסענשאפטליכער מעדיצין איז די ערפאהרונג און ניט די טעאריע.

empir'ic *a. and n.* (עמ-פיר'-איק) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג: ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; איינער וואס פראקטיצירט מעדיצין פון ערפאהרונג, ניט האבענדיג געלערנט; א שארלאטאנישער מעדיקער; איינער וואס האט ניט געלערנט און מיינט אז ער קען אלעס פון ערפאהרונג.

empir'ical *a.* (עמ-פיר'-אי-קעל) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג; ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; מארק־שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'ically *adv.* (עמ-פיר'-אי-קעל-אי) אויף אן עמפירישען אופן; ערפאהרונגסמעסיג; ניט וויסענשאפטליך; מארקשרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'icism *n.* (עמ-פיר'-אי-סיזם) עמפיריציזם, דאס גלויבען אין ערפאהרונג מעהר אלס אין טעאריע; דער פרינציפ, אז נור דאס וואס איז בעוואוסט פון ערפאהרונג איז ריכטיג; די עמפירישע מעטאדע [די מעטאדע וואס בויט אויף ערפאהרונג און ניט אויף טעאריע]; דאס פראקטיצירען מעדיצין ניט האבענדיג געלערנט; די פרעטענזיעס פון אן עם־הארץ אויף מעדיצינישע קענטשאפט; אין פילאזאפיע — די בעהויפטונג, אז אלע אידעען שטאמען אב נור פון ערפאהרונגען.

empir'icist *n.* (עמ-פיר'-אי-סיסט) אן עמפיריקער, איינער וואס גלויבט, אז אלע אידעען שטאמען ארויס נור פון ערפאהרונג; א דאקטאר פון ערפאהרונג אבער ניט פון שטודיום.

empir'ic rem'edy (עמ-פיר'-איק רעמ'-ע-די) א הויזמיטעל; א באבסקע רפואה.

emplas'tic *a. and n.* (עמ-פלעס'-טיק) קלעפעדיג; א קלעפעדיגער שטאף; א מעדיצין געגען א לויזען מאגען.

employ' *v. and n.* (עמ-פלאי') בעשעפטיגען; געברויכען; פערווענדען; דער געברויך; די אנווענדונג; די בעשעפטיגונג; די אנשטעלונג.

employ'able *a.* (עמ-פלאי'-עבל) ברויכבאר, אנווענדבאר.

employé' *n.* (אנ-פלוא-יעי') ז. *employee*

employee' *n.* (עמ-פלאי-אי') אן אנגעשטעלטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי א צווייטען.

employ'er *n.* (עמ-פלאי'-ער) אן ארבייט־געבער; איינער וואס גיט בעשעפטיגונג.

employ' funds (עמ-פלאי' פאנדז) אנגעווענדען אדער פערברויכען געלד אין עטוואס.

employ'ment *n.* (עמ-פלאי'-מענט) בעשעפטיגונג.

emplume' *v.* (עמ-פלוהם') בעפוצען מיט פעדערען.

empo'rium *n.* (עמ-פאו'-רי-אם) א מארק־פלאץ; א האנדעלס פלאץ; א באזאר; א האנדעלס־שטאדט.

empow'er *v.* (עמ-פאו'-ער) בעפאלמעכטיגען, געבען א כח.

empresa'rio *n.* (עמ-פרע-סא'-רי-או) א געשעפטס־אונטערנעהמער; אן אונטערנעהמער וואס האט א קאנצעסיאן פון א רעגיערונג אדער פון א שטאדט פערוואלטונג.

em'press *n.* (עמ'-פרעס) א קייזערין.

empresse'ment *n.* (אנ-פרעס'-מאן) הערצליכקייט; לעבהאפטער פערלאנג: שטארקער חשק.

emprise' *n.* (עמ-פראיז') אן אונטערנעהמונג.

emp'tier *n.* (עמפ'-טי-ער) אן אויסלעדיגער, עטוואס וואס לעדיגט אויס.

emp'tiness *n.* (עמפ'-טי-נעס) פוסטקייט, לעדיגקייט; זינלאזיגקייט; אונוויסענהייט.

emp'tins *n.* (עמפ'-טינז) ז. *emptyings*

emp'tion *n.* (עמפ'-שאן) דער קויף, דער איינקויף.

emp'ty *a., n. and v.* (עמפ'-טי) פוסט, לעער, לעדיג; אונוויסענד; זינלאז; ווירקונגסלאז; ניכטסווירדיג; ניכטער: הונגעריג, פאסטענד; אונפרוכטבאר; מאגער; א לעדיגע כלי; אויסלעדיגען, מאכען פוסט; אויסגיסען; ווערען לעדיג אדער פוסט; זיך אויסגיסען.

emp'ty-han'ded *a.* (עמפ'-טי-הענ'-דעד) מיט לעדיגע הענד.

emp'ty-head'ed *a.* (עמפ'-טי-העד'-עד) מיט א פוסטען קאפ.

emp'ty-hear'ted *a.* (עמפ'-טי-האר'-טעד) הארצלאז.

emp'tying *n.* (עמפ'-טי-אינג) דאס מאכען לעדיג אדער פוסט; דאס וואס ווערט אויסגעלעדיגט.

emp'tyings *n.* (עמפ'-טי-אינגז) הייוועז וואס שטעהט זיך אב פון ביער.

emp'ty purse (עמפ'-טי פוירס) א לעדיגער בייטעל.

empur'ple *v.* (עמ-פויר'פל) פארבען פורפור־רויט.

empye'ma *n.* (עמ-פי-אי'-מא) די אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט־פעל.

empyem'ic *a.* (עמ-פי-עמ'-איק) וואס ליידעט פון אן אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט־פעל.

empyre'al *a.* (עמ-פי-רי'-על) פון ריינעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין.

empyre'an *a. and n.* (עמ-פי-רי'-ען) פון ריינעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין; די הויכע הימלישע געגענדען פון ריינעם פייער און ליכטיגקייט; דער העכסטער הימעל פון ריינעם פייער און ליכט [לויט דעם גלויבען אין די אלטע צייטען איז דאס דער 9טער הימעל].

empyreu'ma *n.* (עמ-פי-רו'-מא) דער אונאנגענעהמער ריח וואס ווערט ארויסגעגעבען פון ארגאנישע קערפער [ווי פלאנצען און חיות] ווען מען פערברענט זיי אין א פערמאכטער כלי.

empyreumat'ic *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-איק) וואס שמעקט מיט צוגעברענטען, וואס האט דעם ריח פון צוגעברענטען פלייש אדער צוגעברענטע גרינסען.

empyreumat'ical *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-אי-קעל) ז. *empyreumatic*

e'mu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויסעהנליכער פויגעל אין אויסטראליען מיט דריי פוס־פינגער; אזא זארט אויסטראלישעם האלין.

Emu

em'ulate *v.* (עמ'-יו-לייט) שטרעבען מיט אימעצען זיך צו פערגלייכען אדער איהם אריבערצושטייגען.

The pupils should **emulate** the brightest boys in the class.

emula'tion *n.* (עמ-יו-ליי'-שאן) דאס בעשטרעבען זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulative *a.* (עמ'-יו-ליי-טיוו) קאנקורירענד, וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatively *adv.* (עמ'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, שטרעבענדיג זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulator *n.* (עמ'-יו-ליי-טאר) א קאנקורענט; איינער וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatory *a.* (עמ'-יו-ליי-טא-רי) ז. *emulative*

emul'gent *a. and n.* (אי-מאל'-דזשענט) אין אנאטאמיע — וואס ציהט ארויס [בנוגע צו די אדערען און די ניערען, וועלכע ציהען ארויס די אורין (השתנה) פון דעם בלוט]; א מעדיצינישעם מיטעל וואס מאכט שנעלער די פליסונג פון גאל.

emul'gent ves'sels (אי-מאל'-דזשענט ועס'-עלז) די אדערען וואס געפינען זיך אין די ניערען.

em'ulous *a.* (עמ'-יו-לאס) ז. *emulative*

em'ulously *adv.* (עמ'-יו-לאס-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, סטארענדיג זיך אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

em'ulousness *n.* (עמ'-יו-לאס-נעס) דאס זיין אייפערזיכטיג; דאס סטארען

זיך צו זיין גלייך אדער אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

emul'sifier *n.* (אי-מאל'-סי-פאי-ער) איינער וואס בויטשעט אויף אדער קלאפט פאנאנדער א פעטע זאך [ווי פוטער, שמאלץ א. ד. ג.] אין א פליסיגקייט.

emul'sify *v.* (אי-מאל'-סי-פאי) אויפ-בויטשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

emul'sion *n.* (אי-מאל'-שאן) עמולסיאן [א מין מילך וואס בע-קומט זיך פון אויפבויטשען אדער פאנאנ-דערקלאפען א פעטע זאך, ווי אויל, שמאלץ א. ד. ג., אדער קליינינקע קערנ-דלעך אין א פליסיגקייט].

emul'sionize *v.* (אי-מאל'-שאנ-איז) ז. *emulsify*.

emul'sive *a.* (אי-מאל'-סיוו) ווייך מא-כענד; אויפבויטשענד אדער פאנאנדער-קלאפענד א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

ena'ble *v.* (ע-ניי'בל) מאכען פעהיג, מאכען אין שטאנד.

Education **enables** one to improve his material condition.

ena'blement *n.* (ע-ניי'בל-מענט) דאס פעהיג מאכען.

equipen'dency *n.* (אי-קהווי-פענ'-דענ-סי) גלייכגעוויכט; דאס ניט אריבערוועגען זיך אדער דאס ניט האבען קיין שטארקערע נייגונג צו איין זאך ווי צו אן אנדער זאך.

equipen'dent *a.* (אי-קהווי-פענ'-דענט) אין באלאנס אדער גלייכגעוויכט; ניט אריבערוועגענד זיך צו קיין זייט.

equip'ment *n.* (אי-קהוויפ'-מענט) די אויסשטאטונג, די אויסריכטונג; די בעוואפנונג.

e'quipoise *n.* (אי'-קהווי-פאיז) גלייכגעוויכט.

equipol'lence *n.* (אי-קהווי-פאל'-ענס) גלייכע מאכט; גלייכער ווערטה פון צוויי אדער עטליכע בעזונדערע זאכען.

equipol'lency *n.* (אי-קהווי-פאל'-ענ-סי) ז. *equipollence*.

equipol'lent *a.* (אי-קהווי-פאל'-ענט) וואס האט דיעזעלביגע מאכט אדער דעמזעלביגען ווערטה.

equipon'derance *n.* (אי-קהווי-פאנ'-דער-ענס) גלייכגעוויכט

equipon'derancy *n.* (אי-קהווי-פאנ'-דער-ענ-סי) ז. *equiponderance*.

equipon'derant *a.* (אי-קהווי-פאנ'-דער-ענט) וואס האט דיעזעלביגע געוויכט; וואס איז אין גלייכגעוויכט.

equipon'derate *v.* (אי-קהווי-פאנ'-דע-רייט) זיין אין גלייכגעוויכט, באלאנסירען; זיין גלייך אין וואג.

equipon'derous *a.* (אי-קהווי-פאנ'-דע-ראס) וואס האט גלייכע וואג, וואס איז גלייך שווער.

equipoten'tial *a.* (אי-קהווי-פא-טענ'-שעל) פון א גלייכען פאטענציאל; פון גלייכער שפאנונג. ז. *potential*.

equiseta'ceous *a.* (עק-הווי-סי-טיי'-שיאס) וואס איז שייך צו דער שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצע. ז. *Equisetum*.

equise'tic *a.* (עק-הווי-סי'-טיק) וואס איז שייך אדער וואס בעקומט זיך פון די שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצע. ז. *Equisetum*.

Equise'tum *n.* (עק-הווי-סי'-טאם) דער מין פון די שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצען [א מין נידריגע פלאנצען-פאמיליע וועלכע בליהען ניט].

e'quisonance *n.* (אי'-קהווי-סא-נענס) אין דער אלטער מוזיק — גלייכקלאנג, גלייכקלאנג אין אקטאווען.

eq'uitable *a.* (עק'-הווי-טעבל) גערעכט, גערעכטיג; אונפארטייאיש; ארענטליך.
The arbitrator gave an equitable decision.

eq'uitableness *n.* (עק'-הווי-טעבל-נעס) ריכטיגקייט, גערעכטיגקייט; אונפארטייליכקייט; ארענטליכקייט.

eq'uitably *adv.* (עק'-הווי-טע-בלי) אויף א גערעכטען אופן; מיט גערעכטיגקייט; אויף אן אונפארטייאישען שטייגער; ארענטליך.

eq'uitancy *n.* (עק'-הווי-טענ-סי) די רייט-קונסט.

eq'uitant *a.* (עק'-הווי-טענט) אריבערגעבויגען צום פארענט ווי רייטענדיג [וועגען בלעטער פון א פלאנצע]; רייטענדיג.

equita'tion *n.* (עק-הווי-טיי'-שאן) די רייט-קונסט; דאס רייטען.

eq'uites *n.* (עק'-הווי-טיז) די רייטער אדער קאוואלעריע אין דער ארמעע אין אלטען רוים; די אלט-רוימישע ריטער.

eq'uity *n.* (עק'-הווי-טי) גערעכטיגקייט; אונפארטייליכקייט; ארענטליכקייט; דאס משפט'ען לויט יושר און גערעכטיגקייט, וואו דאס געזעץ איז צוליעב זיין אלגעמיינהייט ניט גענוג בעשטימט פאר דעם פאל; א געריכט, וואו עס ווערט גע'משפט ניט לויט דעם געשריבענעם געזעץ, נאר לויט יושר און גערעכטיגקייט; די איבערגעבליבענע סומע פון דעם פערקויף פון א פער'משכון'ט הויז אדער לאנד, וועלכע ווערט איבערגעגעבען צו דעם אייגענטימער נאכדעם ווי מען האט אבגעצאהלט די בעלי חובות זייער טייל.

equiv'alence *n.* (אי-קהוויוו'-ע-לענס) דאס זיין גלייך אין ווערטה; גלייכהייט אין גרויס, אין מאכט, אין נאטור, אין געוויכט א. ד. ג.

equiv'alency *n.* (אי-קהוויוו'-ע-לענ-סי) ז. *equivalence*.

equiv'alent *a., n. and v.* (אי-קהוויוו'-ע-לענט) פון גלייכען ווערטה, פון גלייכער גרויס, פון גלייכער קראפט א. ד. ג.; וואס האט א גלייכע אדער דיעזעלבע בעדייטונג; עפעס וואס איז גלייך אין ווערטה; אין כעמיע — אן עקוויוואלענט, אן עלעמענט וואס קען אין א כעמישער פערבינדונג פערנעהמען דעם ארט פון אן אנדער עלעמענט לויט זיין אטאמען-געוויכט [צ. ב.: 28 געוויכטס-טיילען אייזען קענען אין א כעמישער פערבינדונג פערנעהמען דעם פלאץ פון 31,7 געוויכטס-טיילען קופער. 28 געוויכטס-טיילען אייזען זיינען אלזא אן עקוויוואלענט פון 31,7 געוויכטס-טיילען קופער]; מאכען גלייך-ווערטהיג; זיין פאלשטענדיג גלייך.

equiv'alently *adv.* (אי-קהוויוו'-ע-לענט-לי) פון א גלייכען ווערטה, גלייך-ווערטהיג.

equiv'ocal *a. and n.* (אי-קהוויוו'-א-קעל) צוויידייטיג, דאפעלזיניג; צווייפעלהאפט; א ווארט מיט א דאפעלטער בעדייטונג, וואס ווערט געזאגט מיט דעם ציעל אבצונארען, פערדרעהען א מח.

equiv'ocal genera'tion (אי-קהוויוו'-א-קעל דזשענ-ער-איי'-שאן) דאס געבארען ווערען פון עלטערען, וועלכע זיינען ניט פון דעמזעלבען מין.

equiv'ocally *adv.* (אי-קהוויוו'-א-קעל-אי) אויף א צווייפעלהאפטען אדער צוויידייטיגען אופן.

equiv'ocalness *n.* (אי-קהוויוו'-א-קעל-נעס) צוויידייטיגקייט, א דאפעלטער זין.

equiv'ocate *v.* (אי-קהוויוו'-א-קייט) געברויכען א ווארט אין א דאפעלטען זין; זיך אויסדריקען צווייִדייטיג [מיט דעם ציעל אבצונארען].

equivoca'tion *n.* (אי-קהוויוו-א-קיי'- שאן) עקיוואקען, דאס רעדען צווייִדייטיג, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש [מיט דעם ציעל אבצונארען, פערדרעהען דעם קאפ]; אין לאגיק — דער פאלשער שלוס וואס מען קען ציהען פון א ווארט, ווען עס איז צווייִדייטיג.
To the honest man **equivocation** is just as wrong as lying.

equiv'ocator *n.* (אי-קהוויוו'-א-קיי- טאר) איינער וואס רעדט צווייִדייטיג, בלב ולב.

equiv'ocatory *a.* (אי-קהוויוו'-א-קיי- טא-רי) וואס ענטהאלט א צווייִדייטיגקייט אדער א דאפעלטען זין [מיט דעם ציעל אבצונארען].

eq'uivoke *n.* (עק'-הווי-וואוק) אן עקי- וואק א צווייִדייטיגקייט; דאס רעדען אזוי, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש.

eq'uivoque *n.* (עק'-הווי-וואוק) ז. *equivoke*

e'ra *n.* (אי'-רא) אן ערא, א צייט-רעכנונג וואס הייבט זיך אן פון א בעשטימטער היסטארישער פאסירונג אדער עפאכע, א בעשטימטע היסטארישע צייט, א צייט- אלטער, אן עפאכע.

era'diate *v.* (אי-ריי'-די-אייט) ארויס- לאזען שטראהלען; שטראהלען, שיינען, גלאנצען.

eradia'tion *n.* (אי-ריי-די-איי'-שאן) דאס ארויסלאזען שטראהלען; דאס שטראה- לען; שיינונג; אבגלאנץ.

erad'icable *a.* (אי-רעד'-אי-קעבל) וואס מען קען אויסווארצלען, אויסראטען, פער- טיליגען אדער פערניכטען.

erad'icate *v.* (אי-רעד'-אי-קייט) אויס- ווארצלען; אויסראטען, פערניכטען, פער- טיליגען.

eradica'tion *n.* (אי-רעד-אי-קיי'-שאן) אויסווארצלונג, אויסראטונג, פערניכטונג, פערטיליגונג.

erad'icative *a. and n.* (אי-רעד'-אי- קיי-טיוו) וואס ווארצעלט אוים: פערניכ- טענד, אויסראטענד, פערטיליגענד; אין מעדיצין — וואס היילט אין גאנצען אוים, וואס היילט ראדיקאל, וואס היילט פון גרונד אוים; א ראדיקאלער היילמיטעל.

e'ra of good fee'ling (אי'-רא אוו גוד פיע'-לינג) אין דער געשיכטע פון די פער- אייניגטע שטאאטען — די פעריאדע פון 1817 ביז 1824 [בעת פרעזידענט מאנ- רא'ס אדמיניסטראציאן], וועלכע צייכענט זיך אוים דערמיט וואס דער פארטיי- קאמפף האט כמעט אין גאנצען אויפגע- הערט.

era'sable *a.* (אי-ריי'-סעבל) וואס קען אויסגעמעקט, אבגעמעקט, אבגעריבען אדער אויסגעקראצט ווערען; וואס קען פערניכ- טעט ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער בעי- זייטיגט ווערען.

era'ser *n.* (אי-ריי'-סער) איינער אדער עטוואס וואס מעקט אב, רייבט אב אדער קראצט אוים; א מעקער [פון גומי]; א מעסערל אבצוקראצען דאס געשריבענע.

era'sible *a.* (אי-ריי'-סיבל) ז. *erasable*

era'sion *n.* (אי-ריי'-זשאן) אויסמעקונג, אבצייבונג.

era'sure *n.* (אי-ריי'-זשור) דאס אבמע- קען, דאס אבצייבען, דאס אויסקראצען; דאס וואס איז אבגעמעקט אדער אויסגע- קראצט געווארען [אין שריפטען]; דער פלאץ, וואו עס איז אבגעמעקט אדער אויס- געקראצט געווארען [א בוכשטאב, א ווארט א. ד. ג.].

ere *prep. and c.* (עהר) בעפאר, פאר; אייִדער.

Er'ebus *n.* (ער'-ע-באס) אין דער גרי- כישער מיטאלאגיע — ערעבוס, דער פינ- סטערסטער טייל פון גיהנום אדער האדעס; פינסטערניש; פינסטערקייט.

erect' *v. and a.* (אי-רעקט') אויפשטע- לען, אויפשטעלען גלייך, אוועקשטעלען; אויפבויען, גרינדען, בעשאפען; אויפהוי- בען; דערהויבען; צייכנען [א ליניע, א קרייז א. ד. ג.]; זיך אוועקשטעלען גלייך; זיך אויפהויבען; גלייך אוועקגעשטעלט, שטעהענדיג, געריכטעט ארויף-צו; אויפגע- הויבען; גלייך און פעסט; מוטיג, שטאלץ; אויפמערקזאם, געשפאנט.

erec'table *a.* (אי-רעק'-טעבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען; וואס קען אויפגע- בויט ווערען; וואס קען אויפגעהויבען ווע- רען; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'ter *n.* (אי-רעק'-טער) ז. *erector*

erec'tile *a.* (אי-רעק'-טיל) וואס שטעלט זיך אדער הויבט זיך אויף; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erectil'ity *n.* (אי-רעק-טיל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך אויפצוהויבען, זיך אוועק- שטעלען גלייך אדער אויפגעבויט ווערען; די פעהיגקייט זיך אויסצוציהען און ווע- רען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tion *n.* (אי-רעק'-שאן) אויפשטע- לונג, גלייך-שטעלונג; אויפהויבונג, דער- הויבונג; פערשטייפונג; אויפבויאונג, גרינ- דונג; אויסבילדונג, פארמירונג; דאס וואס ווערט געבויט, א געביידע; ערעקציאן, די אויסציהונג און פערשטייפונג [פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tive *a.* (אי-רעק'-טיוו) גלייך-שטע- לענד, אויפשטעלענד, אויפהויבענד.

erect'ly *adv.* (אי-רעקט'-לי) גלייך, אויפ- געשטעלט, אויפגעשטעלט אין דער הויך, שטעהענדיג גלייך.

erect'ness *n.* (אי-רעקט'-נעס) אויפגע- שטעלטקייט; די גלייכקייט; דאס שטעהן גלייך.

erec'tor *n.* (אי-רעק'-טאר) א גרינדער; אן אויפהויבער, אן אויפשטעלער; איינער וואס בויט [געביידעס]; אן אויפהויבונג- מוסקעל [א מוסקעל וואס הויבט אויף, ציהט אוים און מאכט שטייף געוויסע גלי- דער].

erelong' *adv.* (עהר-לאהנג') אין קורצען, באלד.

eremacau'sis *n.* (ער-ע-מע-קאה'-סיס) די לאנגזאמע פערברענונג אדער צופוילונג פון א קערפער.

ere'mic *a.* (ע-רי'-מיק) וואס לעבט אין א זאמדיגער, טרוקענער געגענד אדער אין א מדבר [הויפטזעכליך וועגען חיות און פויגלען].

er'emite *n.* (ער'-אי-מאיט) אן ערעמיט, איינער וואס לעבט אבגעזונדערט אדער אין א ווילדערניש; א נזיר, א פרוש.

eremit'ic *a.* (ער-אי-מיט'-איק) וואס לעבט אבגעזונדערט פון דער וועלט אדער אין א ווילדערניש; עהנליך צו א נזיר אדער א פרוש; וואס איז שייך צו אן אב- געזונדערטען מענשען, צו א נזיר אדער א פרוש.

eremit'ical *a.* (ער-אי-מיט'-אי-קעל) ז. *eremitic*

er'emitism *n.* (ער'-אי-מאי-טיזם) דאס זיין א פרוש, א נזיר, דאס זיין אבגעזונ- דערט פון דער וועלט.

er'ethism *n.* (ער'-ע-טהיזם) ערעטהיזם, אויפרעגבארקייט [הויפטזעכליך פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erethis'mic *a.* (ער-ע-טהיז'-מיק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם [אויפרייצבאר- קייט, הויפטזעכליך פון די געשלעכטס-אר- גאנען].

erethis'tic *a.* (ער-ע-טהיס'-טיק) ז. *erethismic*

erethit'ic *a.* (ער-ע-טהיט'-איק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם: אויפרעגבאר, אויפגערעגט; אונרוהיג. ז. *erethism*

erg *n.* (אירג) אין פיזיק — אן ערג, א מאס-איינהייט פאר ארבייט, וואס ווערט בעשטימט דורך דער קראפט וואס ווערט פערווענדעט אויף צו בעוועגען א גראם משא מיט דער שנעלקייט פון איין סענ- טימעטער אין א סעקונדע.

er'go *c.* (איר'-גאו) דאריבער, פאלגליך, [אן אויסדרוק אין לאגיק].

er'gograph *n.* (איר'-גא-גרעף) אן אינ- סטרומענט צו מעסטען מיעדיגקייט, אויפ- רעגונג א. ד. ג.].

ergom'eter *n.* (איר-גאמ'-ע-טער) א קראפט-מעסטער, א דינאמאמעטער. ז. *dynamometer*

er'gon *n.* (איר'-גאן) ז. *erg*

er'got *n.* (איר'-גאט) א הארנדיגער אנ- וואוקס אויף דעם הינטערשטען טייל פון א פערד'ס פוס איבער דער קאפיטע; מוטערקארן [אזא שוואם-אנוואוקס אויף קארן און אנדערע פלאנצען, ווערט גע- ברויכט אין מעדיצין].

Ergot

er'igible *a.* (ער'-אי-דזשיבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען, וואס קען אויפגע- הויבען ווערען, וואס קען אוועקגעשטעלט ווערען גלייך.

erina'ceous *a.* (ער-אי-ניי'-שיאס) וואס איז שייך צו אן איגעל [יאזש]; עהנליך צו אן איגעל.

Erioden'dron *n.* (ער-אי-א-דענ'- דראן) א מין וואל-ביימער אדער באנוואל- ביימער [וואקסען אין די הייסע לענדער. די פרוכט פון דיזע ביימער איז בערעקט מיט א וואלענארטיגען שטאף וועלכער

ווערט געברויכט פאר קישענס, מאטראַ־צען א. ד. ג.].

eriom'eter *n.* (ער-אי-אמ'-ע-טער) אן אפטישער אינסטרומענט צו מעסטען זעהר קליינע קערפּערס.

erl'-king *n.* (אוירל'-קינג) אין דער גערמאנישער מיטאלאגיע — דער ערל־קעניג [א טייוועל וואס הערשט איבער וועלדער, פערנארט צו זיך קליינע קינדער און פערמוטשעט זיי].

er'mine *n.* (אויר'-מין) דאס הערמעלין [א קליינע ווילדע חיה, וועמענס פעל ווערט זעהר הויך געשאצט]; די פעל אדער פוטערוואַרג פון א הערמעלין.

Ermine

er'mined *a.* (אויר'-מינד) נעקליידעט אין הערמעלין־פוטער. ז. *ermine*

erode' *v.* (אי-ראוד') פאנאנדערעסען, אויסעסען, צופרעסען, אויסנאגען, זשאווע־רען, ראסטען.

The action of the air will in time erode iron.

ero'ded *a.* (אי-ראו'-דעד) וואס קוקט אויס ווי אויסגעגעסען, פערזשאווערט אדער פערראסט.

ero'dent *n.* (אי-ראו'-דענט) א מיטעל אדער רפואה וואס עסט אויס אדער נאגט אויס.

ero'dible *a.* (אי-ראו'-דיבל) וואס קען אויסגעגעסען, פערזשאווערט אדער פער־ראסט ווערען.

E'ros *n.* (אי'-ראס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — עראס, דער גאט פון ליעבע; אין אסטראנאמיע — איינע פון די קליינע פּלאנעטען צווישען מארס און יופיטער.

erose' *a.* (אי-ראוז') אויסגעקארבט, אויס־געגעסען [בנוגע צו בלעטער אדער פליג־לען פון אינזעקטען, ביי וועלכע די ברע־געס זיינען ניט גלאט ארומגעשניטען, נאר געקארבט].

ero'sion *n.* (אי-ראו'-זשאן) די אויס־עסונג, די צופרעסונג, די צונאגונג, דאס פערזשאווערט אדער פערראסט ווערען.

ero'sive *a.* (אי-ראו'-סיוו) אויסעסענד, צופרעסענד, צונאגענד; וואס ווירקט עס זאל פערזשאווערט אדער פערראסט ווע־רען.

erot'ic *a. and n.* (ע-ראט'-איק) וואס איז שייך צו ליעבע; א פּאעמא אדער גע־דיכט וועגען ליעבע.

erot'ical *a.* (ע-ראט'-אי-קעל) ז. *erotic*

erotoma'nia *n.* (ע-ראו-טא-מיי'-ני-א) עראטאמאניע, א גייסטיגע קראנקהייט אדער מעלאנכאליע וואס נעהמט זיך פון דעם, וואס אלע נערווען און געפיהלען פון חולה זיינען קאנצענטרירט אויף ליע־בע.

erotoma'niac *n.* (ע-ראו-טא-מיי'-ני-אק) איינער וואס לייַדט פון עראטאמאניע. ז. *erotomania*

erotom'any *n.* (ער-א-טאמ'-ע-ני) ז. *erotomania*

erpetolog'ical *a.* (אויר-פּע-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע אי־בער די רעפּטילען אדער קריכענדיגע טהיע־רע.

erpetol'ogist *n.* (אויר-פּע-טאל'-א-דזשיסט) אן ערפּעטאלאגיסט, א קענער פון דער וויסענשאפט איבער די קריכענדיגע טהיערע.

erpetol'ogy *n.* (אויר-פּע-טאל'-א-דזשי) ערפּעטאלאגיע, די לעהרע וועגען די רעפּ־טילען אדער קריכענדיגע טהיערע.

err *v.* (אויר) אירען, בלאנדזשען, זיך פערארירען; אבוייכען; זיך אירען, הא־בען א טעות.

To err is human, to forgive is divine.

er'rancy *n.* (ער'-ען-סי) דאס אירען, דאס פערבלאנדזשען, דאס אריינפאלען אין א טעות; דאס אפטע בייטען די מיינונ־גען.

er'rand *n.* (ער'-ענד) א שליחות, אן אויפטראג; א מאנדאט; א גאנג.

The boy was sent on an errand.

er'rand-boy *n.* (ער'-ענד-באי) א לויף־אינגעל, א שיק־אינגעל; א אינגעל אויף פערשיעדענע געגנג און שליחות.

er'rant *a.* (ער'-ענט) וואנדערענד; אי־רענד, בלאנדזשענד; מאכענד א טעות; אראבגעהענד פון דרך הישר.

er'rantry *n.* (ער'-ענט-רי) וואנדערער־שאפט, דאס וואנדערן־לעבען; דאס זיין א וואנדערער.

erra'ta *n.* (ע-ריי'-טע) דרוק־פעהלערען, א פערצייכניס פון דרוק־פעהלערען.

errat'ic *a. and n.* (ע-רעט'-איק) אי־רענד, וואס בלאנדזשעט; אונרעגעלמע־סיג, וואס בעוועגט זיך ניט אין ארדנונג; א וואנדערער, א בראדיאגע; ניט קיין גע־שטעלטער מענש.

errat'ical fe'ver (ע-רעט'-אי-קעל פי'-ווער) קדחת, וואס כאפּט אן אונרעגעלמע־סיג.

errat'ically *adv.* (ע-רעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אונרעגעלמעסיגען שטייגער; אהן א סדר.

erra'tum *n.* (ע-ריי'-טאם) א דרוק־פעה־לער אין א שריפט אדער בוך.

er'rhine *a. and n.* (ער'-אין) ווירקענד אויף דער נאז; א מיטעל צום ניסען.

er'ringly *adv.* (אויר'-אינג-לי) בלאנ־דזשענדיג, לאזענדיג זיך פערפיהרען.

erro'neous *a.* (ע-ראו'-ני-אס) אירענד; ניט ריכטיג, פעהלערהאפט.

erro'neously *adv.* (ע-ראו'-ני-אס-לי) על פי טעות.

erro'neousness *n.* (ע-ראו'-ני-אס-נעס) ניט־ריכטיגקייט, פעהלערהאפטיגקייט.

er'ror *n.* (ער'-אר) אן אירטום, א טעות, א פערזעהן; א זינד.

er'ror in fact (ער'-אר אין פעקט) א טעות וועגען דעם פאקט [ווי למשל, ווען א ריכטער משפט א מינדעריעהריגען אזוי ווי ער וואלט געווען א דערוואקסענער].

Erse *n. and a.* (אוירס) די קעלטישע אדער אירלאנדישע שפּראך וואס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען פון שאט־לאנד; וואס איז שייך צו דער קעלטישער שפּראך אין אירלאנד און שאטלאנד.

ersh *n.* (אוירש) אן אויפגעאקערט פעלד; דאס גראז וואס וואקסט אב אויף'ן פעלד א צווייטען מאל אין דעמזעלבען סעזאן.

erst *adv.* (אוירסט) צוערשט; ראשית, א מאל; פריהער, מיט א צייט צוריק.

erubes'cence *n.* (ער-או-בעס'-ענס) רויטקייט; דאס רויט ווערען [פון כעס אדער שעמעוודיגקייט].

erubes'cency *n.* (ער-או-בעס'-ען-סי) ז. *erubescence*

erubes'cent *a.* (ער-או-בעס'-ענט) רויט אדער רויטליך; רויט ווערענד [פון שע־מען זיך].

eruc'tate *v.* (אי-ראק'-טייט) גרעפּסען, שלוקערצען.

eructa'tion *n.* (אי-ראק-טיי'-שאן) דאס גרעפּסען; דאס שלוקערצען.

er'udite *n. and a.* (ער'-או-דאיט) א בקי, איינער וואס איז פיעל בעלעזען און בעלערענט; מיט ערודיציאן; וואס איז פיעל בעלעזען; וואס האט א טיעפע קענט־ניס פון עפּעס.

er'uditely *adv.* (ער'-או-דאיט-לי) דורך בקיאות, דורך טיעפע קענטניס פון דער זאך.

er'uditeness *n.* (ער'-או-דאיט-נעס) דאס זיין א בקי; דאס בעזיצען א טיעפע קענטניס פון עפּעס.

erudi'tion *n.* (ער-או-דיש'-אן) ערודי־ציאן, געלעהרזאמקייט, בקיאות; טיעפע קענטניס פון א זאך.

eru'ginous *a.* (אי-רו'-דזשי-נאס) ז. *æruginous*

erupt' *v.* (אי-ראפּט') מאכען פּלאצען; אויפרייסען, פּלוצים צופּלאצט אדער צו־זעצט ווערען.

erup'tion *n.* (אי-ראפּ'-שאן) 1. אן אויפ־רייסונג, אן אויסברוך [ווי פון א וואול־קאן]; 2. אן אויספּאל; אן אויסשלאג, אן אויסשיטונג אויף'ן לייב.

1. The volcano is in eruption.. 2. The patient has an eruption on her face.

erup'tional *a.* (אי-ראפּ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אויפרייסונג אדער אויס־ברוך.

erup'tive *a. and n.* (אי-ראפּ'-טיוו) וואס רייסט אויף, וואס ברעכט אויס; פערבונדען מיט אן אויסשלאג; אין געא־לאגיע — א פעלז אדער א מינעראל וואס האט זיך בעקומען דורך אן אויפרייסונג פון א פייערשפּייענדען בארג אדער דורך ערד־ציטערניש.

erup'tively *adv.* (אי-ראפּ'-טיוו-לי) דורך אן אויפרייסונג.

erup'tiveness *n.* (אי-ראפּ'-טיוו-נעס) דאס אויפרייסען, דאס צושפּרינגען.

Eryn'gium *n.* (אי-רינ'-דזשי-אם) דאס בלוי־קעפּעל [א מין ברייט גראז מיט ווייס־בלויע בליטהען. וואקסט אין די ווא־רעמע לענדער].

eryn'go *n.* (אי-רינ'-גאו) ז. *Eryngium*

erysip'elas *n.* (ער-אי-סיפּ'-ע-לעס) א רויז, א רויטליכע ענטצינדונג פון דער הויט.

erysipel'atous *a.* (ער-אי-סי-פּעל'-ע-טאס) וואס איז ווי די ענטצינדונג פון דער הויט; ענליך צו א רויז אויף'ן פּנים.

erysip'eloid *n.* (ער-אי-סיפּ'-ע-לאיד) אן אנשטעקיגע הויט־ענטצינדונג.

erythe'ma *n.* (ער-אי-טהי'-מא) די עריטעמא, א רויטע ענטצינדונג פון דער הויט.

erythemat'ic *a.* (ער-אי-טהי-מעט'-איק) וואס איז שייך צו אן עריטעמא אדער הויט־ענטצינדונג.

eryth'roscope *n.* (ע-ריטה'-רא-סקאופּ) אן אפּטישער אינסטרומענט, וועלכער ווערט בענוצט צו אונטערזוכען די ליכט־

שטראהלען, וואס פאלש אדער שיינען אב פון בעזונדערע קערפער.

erythro'sis *n.* (ער-אי-טהראו'-סים) אין מעדיצין — פולבלוטיגקייט; א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט פון צופיעל בלוט אדער זאפט.

escalade' *n. and v.* (עס-קיי-לייד') דאס קלעטערן אויף לייטערם; דאס ארויפקלעטערן פון סאלדאטען מיט דער הילף פון לייטערם אויף א פעסטונגס=וואנד; אריבערקלעטערן מיט דער הילף פון א לייטער.

escala'der *n.* (עס-קיי-ליי'-דער) איינער וואס קומט אריין אין א בעפעסטיגטען ארט דורך דער הילף פון א לייטער.

escala'tor *n.* (עס-קיי-ליי'-טאר) א בעוועגליכע טרעפ.

escal'lop *n. and v.* (עס-קעל'-אפ) די קאם=מושעל [א מאלוסקעל וואס האט א וועלען=פערמיגע אדער רונד=געקארבטע מושעל]; אזא פאן אין וועלכער איסטערען ווערען געבראטען; א רונד=געצאקטער אדער וועלען=פערמיגער ברעג אדער זוים; קאכען אדער באקען אין אן איסטערען=פאן; מאכען א וועלען=פערמיגען אדער רונד=געצאקטען זוים אדער ברעג.

escal'lop-shell *n.* (עס-קעל'-אפ-שעל) א רונד=געקארבטע אדער וועלען=פערמיגע מושעל [אזא מושעל אדער דער צייכען פון אזא מושעל אויף'ן שילד פלעגען טראגען די פיליגרימען אדער וואנדערער צו די הייליגע ערטער אין די אמאליגע צייטען].

Escallop-shell

escal'op *n.* (עס-קעל'-אפ) ז. *escallop*

esca'pable *a.* (עס-קיי'-פעבל) וואס קען אנטלויפען אדער אנטרינען; וואס קען אויסלויפען אדער אויסשטראמען; וואס קען פערמידען ווערען.

escapade' *n.* (עס-קיי-פייד') א ווילדער שפרונג פון א פערד; א שטרייך, א שטוקע א ווילדע אדער נארישע שטיפעריי.

escape' *v. and n.* (עס-קייפ') אוועקפליהען, אנטלויפען; זיך ראטעווען, מאכען פליטה; אנטרינען; אויסלויפען, אויסשטראמען; פערמיידען; די פליטה; דאס ראטעווען זיך; דאס אנטלויפען; דאס אויסלויפען אדער אויסשטראמען.

escape'-lad'der *n.* (עס-קייפ'-לעד'-ער) א רעטונגס=לייטער.

escape'ment *n.* (עס-קייפ'-מענט) דער מעכאניזם פון א זייגער וואס רעגולירט זיין גאנג.

escape'ment wheel (עס-קייפ'-מענט הוויעל) דאס העמונגס=ראד אדער שטייג=ראד [דאס רעדעל פון א זייגער וואס רעגולירט דעם גאנג].



Escapment

escape' no'tice (עס-קייפ' נאו'-טיס) ניט בעמערקט ווערען.

Excuse me, your presence in the room escaped my notice.

escape' one's mem'ory (עס-קייפ' הוואנז מעמ'-א-רי) אימעצען ארויס פון זינען.

These facts entirely escaped my memory.

esca'per *n.* (עס-קיי'-פער) איינער וואס אנטלויפט אדער ראטעוועט זיך.

escape' scot'-free (עס-קייפ' סקאט'-פריע) אויסדרעהען זיך אונבעשטראפט.

escape' the lips (עס-קייפ' טהי ליפס) זיך ארויסגליטשען [א ווארט] פון מויל.

escape'-valve *n.* (עס-קייפ'-וועלוו) דער ארויסלאז=ווענטיל [דער ווענטיל פון צילינדער אין א דאמפף=מאשין וואס לאזט ארויס דעם אבגעקיהלטען דאמפף].

escarp' *v. and n.* (עס-קארפ') מאכען משופע'דיג [ווענען זי פעסטונגס=ווערק]; די זייט פון א פעסטונגס=גראבען, וועלכע ליעגט נאהנט צו דער פעסטונגס=וואנד וואס ווערט פון גראבען ארומגערינגעלט.

escarp'ment *n.* (עס-קארפ'-מענט) די משופע'דיגע זייט פון א בערגעל אדער א פעלזענשטיין; דער גראבען ארום א פעסטונגס=וואנד.

eschalot' *n.* (עש-ע-לאט') א זארט קליינע ציבעלע.

es'char *n.* (עס'-קאר) א קרעץ אויף דער הויט, ווי עס בילדעט זיך פון א בראנדוואונד א. ד. ג.

escharot'ic *a. and n.* (עס-קע-ראט'-איק) וואס קען צושטערען דאס פלייש=געוועב און בילדען א קרעץ; א מיטעל וואס צושטערט אדער צוברענט דאס פלייש=געוועב.

eschatolog'ic *a.* (עס-קיי-טא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד־לבוא א. ד. ג.

eschatolog'ical *a.* (עס-קיי-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *eschatologic*

eschatol'ogist *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעהאנדעלט תחית המתים, השארת הנפש, דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

eschatol'ogy *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

escheat' *n. and v.* (עס-טשיעט') דאס אריינפאלען פון לאנד אדער גיטער צוריק אין די הענד פון דעם לאנד=העהר אדער שטאאט צוליעב דעם טויט פון רענטע=צאהלער וואס האט ניט געלאזען קיין יורשים; דער בעצירק אין ענגלאנד וואו דער לאנד=העהר אדער דער קעניג איז בערעכטיגט צו די גיטער פון וועלכע דער רענטע=צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; א דאקומענט וואס ענטהאלט דאס רעכט אויף אזעלכע גיטער; דער גוט אדער בעזיץ וואס איז אזא רעכט אונטערווארפען; אריינפאלען צוריק [ווענען גיטער] אין די הענד פון לאנד=העהר אדער שטאאט, ווען דער רענטע=צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; קאנפיסקירען א גוט אדער א בעזיץ.

eschea'table *a.* (עס-טשיע'-טעבל) וואס איז אונטערווארפען דעם רעכט אריינצופאלען צוריק אין די הענד פון לאנד=העהר אדער פון שטאאט, ווען דער רענטע=צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען [ווענען א גוט אדער בעזיץ]; וואס קען אבגענומען ווערען פאר'ן שטאאט.

eschea'tage *n.* (עס-טשיע'-טיידזש) דאס רעכט אויף א גוט אויף וועלכען עס געפינען זיך ניט קיין יורשים.

eschea'tor *n.* (עס-טשיע'-טאר) דער בעאמטער [אמאל אין ענגלאנד] וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וואס האבען ניט קיין יורשים; אום זיי צונעהמען פאר'ן שטאאט.

eschea'torship *n.* (עס-טשיע'-טאר-שיפ) דאס אמט אמאל אין ענגלאנד פון א רעגיערונגס=אנגעשטעלטען, וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וועלכע האבען ניט קיין יורשים, אום זיי צוצונעהמען פאר'ן שטאאט.

eschew' *v.* (עס-טשו') אויסמיידען, שטעהן פון ווייטען, אויסווייכען.

In a discussion we should eschew personalities.

Eschscholt'zia *n.* (ע-שאולט'-סי-א) א מין שעהנע ווילדע מאהן=פלאנצען מיט שעהנע געלבע בלומען [וואקסט אם מייסטען אין קאליפארניען און אין דער אומגעגענד].

esclan'dre *n.* (עס-קלען'-דער) א רוהעשטערונג; אן אורזאכע פאר א סקאנדאל; א סצענע.

esclavage' *n.* (עס-קלא-וואזש') אן אלטמאדישער, שווערער פרויען=האלזבאנד.

escopet' *n.* (עס-קא-פעט') א האנדביקס [אזא קורצע ביקס].

escopette' *n.* (עס-קא-פעט') ז. *escopet*

escort' *v.* (עס-קאהרט') 1. בעגלייטען; 2. בעשיצען אדער בעוואכען [אויף א רייזע].

1. He is escorting his wife to the store.

es'cort *n.* (עס'-קאהרט) 1 אן עסקארט, בעגלייטונג; 2. בעגלייטונג מיט דעם צוועק צו בעשיצען [ווי פון סאלדאטען אדער פון א שיף]; 3. עהרען=וואך; בעגלייטער, בעשיצער, וואך [אויף א רייזע].

2. The President travels with an escort.

escritoir' *n.* (עס-קרי-טואר') ז. *escritoire*

escritoire' *n.* (עס-קרי-טואר') א שרייבצייג, א שרייב=טיש; א סעקרעטאר.

escrow' *n.* (עס-קראו') דאס איינלעגען א געזעצליכען דאקומענט ביי א שליש [ווען דער דאקומענט קען אריין אין קראפט בלויז אונטער געוויסע בעדינגונגען]; אזא דאקומענט; דאס האלטען אזא דאקומענט.

es'cuage *n.* (עס'-קיו-עדזש) א מיליטערישער שטייער, וואס מען פלעגט צאהלען אין מיטעלאלטער אנשטאט צו געהן אין מיליטער=דיענסט.

Escula'pian *n. and a.* (עס-קיו-ליי'-פי-ען) דער גאט פון מעדיצין אין דער גריכישער מיטאלאגיע; א מעדיצינער; וואס איז שייך צו דער הייל=קונסט אדער צו א מעדיצינער. ז. *Æsculapian*

es'culent *a. and n.* (עס'-קיו-לענט) עסבאר; וואס מען קען עסען; וואס ברייגנט ארויס אדער שאפט אן עסבארען פראדוקט; עטוואס וואס מען קען עסען; גרינסען וואס מען קען געברויכען אלס שפייזען [הויפטזעכליך געקאכטערהייד].

escutche'on *n.* (עס-קאטש'-אן) א שילד מיט הערבען; א הערב; די שילד אויף א שיף מיט דעם נאמען פון דער שיף; א בלעכעל איבער דער שליסעל=לאך אדער ביי דער עפנונג [פון א טהיר].

escutche'oned *a.* (עס-קאטש'-אנד) וואס טראגט א שילד; בעדעקט מיט א הערב אדער א שילד; בעדעקט מיט איינגעקריצטע פיגורען.

es'kar *n.* (עס'-קאר) אין געאלאגיע — א שיכט זאמד צווישען אייז=בערג אין גלעטשערם.

es'ker *n.* (עס'-קער) ז. *eskar*

Es'kimo *n. and a.* (עס'-קי-מאו) אן עסקימאס, איינער פון די האלב=ווילדע איינוואהנער פון די קאלטע געגענדען פון נארד=אמעריקא און פון גרענלאנד; וואס איז שייך צו די עסקימאסען.

esoc'iform *a.* (ע-סאס'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א העכט; ענליך צו א העכט.

es'ocoid *a. and n.* (עס'-א-קאיד) וואס איז שייך צו העכט; א העכט.

esod'ic *a.* (ע-סאד'-איק) אין פיזיאלאגיע — וואס גיבען איבער די איינדריקע צום מארך [וועגען געוויסע נערוועז].

esoph'agus *n.* (אי-סאפ'-ע-גאס) דער שלונד, דער שפייז=רעהר [דער רעהר, דורך וועלכען די שפייז געהט אין מאגען].

esoter'ic *a.* (עס-א-טער'-איק) עזאטעריש, געהיים; וואס ווערט נאר געלערענט מיט וועניגע פערזאנען [וואס מען איז מגלה ליחידי סגולה].

esoter'ical *a.* (עס-א-טער'-אי-קעל) ז. *esoteric*.

esoter'ically *adv.* (עס-א-טער'-אי-קעל-אי) אין א געהיימען אופן, ניט ארויסגעבענדיג פאר אלעמען [וועגען געוויסע לעהרען אין די אמאליגע צייטען].

esoter'icism *n.* (עס-א-טער'-אי-סיזם) עזאטעריזם, די לעהרען וואס פלעגען איבערגעגעבען ווערען נור צו יחידי סגולה און ניט פאר אלעמען: די איבערגעגעבענהייט צו קבלה אדער סתרי=תורה.

esoter'ics *n.* (עס-א-טער'-איקס) געהיימע לעהרען, סתרי תורה [ווי קבלה].

es'oterism *n.* (עס'-א-טער-איזם) ז. *esotericism*.

es'oterist *n.* (עס'-א-טער-איסט) אן עזאטעריסט, איינער וואס לערענט סתרי=תורה.

espal'ier *n.* (עס-פעל'-יער) א בוימער=גראטע אדער א שוץ=געלענדער פון ארומגעשטעלטע בוימער איינע לעבען די אנדערע.

espar'to *n.* (עס-פאר'-טאו) א מין גראז וואס וואקסט אין זאמדיגע ערטער [אין צפון=אמעריקא].

Esparto-grasses

espe'cial *a.* (עס-פעש'-על) ספעציעל, בעזאנדערס; וואס איז ניט גלייך צו אנדערע פון זיין מין; הויפטזעכליך.

espe'cially *adv.* (עס-פעש'-על-אי) בעזאנדערס, הויפטזעכליך.

espi'al *n.* (עס-פאי'-על) די אויסשפיאנירונג, די ענטדעקונג פון א געהיימנים.

es'pionage *n.* (עס'-פי-א-נעדזש) שפיאנעריי.

esplanade' *n.* (עס-פלע-נייד') אן עספלאנאדע, אן אפענער פלאץ נעבען א געביידע; דער אפענער פלאץ צווישען א פעסטונג און דער שטאדט.

espou'sal *n. and a.* (עס-פאו'-זעל) א תנאים; א האכצייט; וואס געהערט צו האכצייט.

espouse' *v.* (עס-פאוז') 1. הייראטען, חתונה האבען; מאכען תנאים; 2. פערטיידיגען, בעשיצען.

2. The editor espouses the cause of woman suffrage.

espou'ser *n.* (עס-פאו'-זער) דער וואס מאכט תנאים אדער פערהייראט; א פערטיידיגער, א שיצער.

esprit' *n.* (עס-פרי') גייסט; וויץ; געשיקטקייט אין ריידען.

esprit' de corps (עס-פרי' דע קאהר) דער גייסט אדער דאס געפיהל פון קאמעראדשאפט אדער חבר'שאפט.

The employees in the business show an esprit de corps.

espy' *v.* (עס-פאי') אויסשפיאנירען; אויספארשען. ענטדעקען; דערזעהן פון ווייטען; פלעצליך דערזעהן; דערקענען.

Esq. ***Esquire*** אן אבקירצונג פון ווארט האכוואהלגעבארען [ווערט געשריבען נאך'ן נאמען פון א פערזאן אלס העפליכקייטס=טיטעל].

Es'quimau *n.* (עס'-קי-מאו) ז. *Eskimo*.

esquire' *n.* (עס-קהוואיר') אן עסקוויר, א יונקער [א טיטעל פאר אדעליגע וואס איז נידריגער ווי "ריטער"]; א קאוואליער, א מאנספערזאן וואס בעדיענט אדער בעגלייט א דאמע אויף א באל א. ד. ג.

esquisse' *n.* (עס-קיס') אן עסקיז, א סקיצע.

es'say *n.* (עס'-איי) א פערזוך, א פראבע; אן עסיי, א קורצע און ניט קיין גאנץ סיסטעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטערארישע אבהאנדלונג.

essay' *v.* (ע-סיי') פערזוכען, פראבירען, מאכען א פראבע.

essay'er *n.* (ע-סיי'-ער) איינער וואס פראבירט אדער מאכט א פראבע.

es'sayish *a.* (עס'-איי-איש) וואס האט דעם כאראקטער פון א פראבע.

es'sayist *n.* (עס'-איי-איסט) אן עסיי=שרייבער, א שרייבער פון קורצע און ניט גאנץ סיסטעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטערארישע אבהאנדלונגען

essayis'tic *a.* (עס-איי-איס'-טיק) וואס איז שייך צו אן עסיי אדער אן עסיי=שרייבער. ז. *essayist*.

es'sence *n. and v.* (עס'-ענס) דער עסענץ: דער תמצית; דער עקסטראקט; דער עיקר; דאס וועזען; דער שטאף; דער גייסט; א גערוך, א ריח; פארפיום; פארפיומירען.

es'sence of hon'or (עס'-ענס אוו אנ'-אר) א מוסטער פון עהרע.

Essenes' *n.* (ע-סינז') די איסיים אדער די עסייער [א געוויסע אידישע סעקטע אמאל אין ארץ ישראל אין דער צייט פון חורבן בית שני, פון וועלכער די מיטגליעדער האבען געפיהרט אן ארט אסקעטישען און קאמוניסטישען לעבען און האבען זעהר שטרענג אבגעהיט די דינים פון טהרה].

Esse'nian *a.* (ע-סי'-ני-ען) וואס איז שייך צו די איסיים אדער עסייער. ז. *Essenes*.

Esse'nism *n.* (ע-סי'-ניזם) די פרינציפען פון די איסיים אדער עסייער. ז. *Essenes*.

essen'tial *a. and n.* (ע-סענ'-שעל) הויפטזעכליך, וועזענטליך, פונדאמענטאל, וויכטיג; וואס איז דער תמצית אדער דער עסענץ; א פונדאמענטאלער אדער הויפטזעכליכער פרינציפ.

essential'ity *n.* (ע-סענ-שי-על'-אי-טי) די וועזענטליכקייט, הויפטזעכליכקייט.

essen'tially *adv.* (ע-סענ'-שעל-אי) וועזענטליך, הויפטזעכליך; אין תוך, אין תמצית; פונדאמענטאל; אויף א וועזענטליכען אופן.

essen'tialness *n.* (ע-סענ'-שעל-נעס) ז. *essentiality*.

essen'tial oils (ע-סענ'-שעל אילז) עטהער=אויל.

estab'lish *v.* (עס-טעב'-ליש) בעפעסטיגען; איינשטעלען; איינריכטען; גרינדען; מאכען סאליד.

estab'lished church (עס-טעב'-לישט טשוירטש) די הערשענדע [אנגליקאנישע] קירך אין ענגלאנד.

estab'lished cred'it (עס-טעב'-לישט קרעד'-איט) גוטער קרעדיט.

The firm has an established credit.

estab'lisher *n.* (עס-טעב'-לי-שער) א גרינדער, אן איינפיהרער; איינער וואס מאכט סאליד.

estab'lishment *n.* (עס-טעב'-ליש-מענט) די בעפעסטיגונג אדער בעשטעטיגונג; די איינריכטונג; די גרינדונג; אן אנשטאלט; א געביידע; די הערשענדע קירך; איינקונפט, הכנסה.

estacade' *n.* (עס-טע-קייד') אן עסטאקאדע, א רייה פון דיקע קלעצער איבערגעבונדען מיט קייטען, מיט וועלכע מען צאמט ארום דעם ברעג פון ים אדער פון א טייך געגען דעם שונא'ס שיפען.

estadal' *n.* (עס-טא-דאל') אן עסטאדאל, א שפאנישע לענג=מאס [ענטהאלט 10 פוס מיט 11,6 צאל].

estafet' *n.* (עס-טע-פעט') אן עסטאפעט, א שליח, אן אנזאגער.

estafette' *n.* (עס-טע-פעט') ז. *estafet*.

estate' *n. and v.* (עס-טייט') א שטאנד, א צושטאנד, א לאגע; א פערמעגען, א גוט; איבערגעבען א גוט אדער פערמעגען.

estate' at suf'ferance (עס-טייט' עט סאפ'-ער-ענס) א גרונד=שטיק אדער גוט וואס מען האלט אין בעזיץ נאכדעם ווי מען האט שוין מעהר קיין געזעצליך רעכט ניט אויף דעם, נאר דער ווירקליכער בעזיצער פראטעסטירט ניט.

estate' by suf'ferance (עס-טייט' באי סאפ'-ער-ענס) ז. *estate at sufferance*.

esta'ted *a.* (עס-טיי'-טעד) וואס בעזיצט.

estate' in tail (עס-טייט' אין טייל) א פערמעגען אדער גוט, אויף וועלכען עס ליגען געוויסע בעשרענקונגען בנוגע צו ירושה.

estates' of the realm (עס-טייטס' אוו טהי רעלם) די שטאנדען פון דער מלוכה.

estate' tail (עס-טייט' טייל) א פערמעגען, וואס עס קענען ירש'נען נור פארויס בעשטימטע יורשים.

esteem' *v. and n.* (עס-טיעם') שעצען, אכטען; בעטראכטען, מיינען; די שעצונג, די אכטונג; די בעדייטונג, דער ווערטה.

estee'mer *n.* (עס-טיע'-מער) איינער וואס שעצט, וואס אכטעט; איינער וואס האט א הויכע מיינונג וועגען אימעצען אדער עפעס.

esthematol'ogy *n.* (עס-טהי-מע-טאל'-א-דזשי) עסטעמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די חושים אדער וועגען די ארגאנען פון די חושים.

es'thete *n.* (עס'-טהיט) אן עסטעטיקער, א מענש וואס איז איבערגעגעבען צו קונסט און שעהנהייט.

esthet'ic *a. and n.* (עס-טהעט'-איק) עסטעטיש; אן עסטעטיקער. ז. *esthetics*
esthet'ical *a.* (עס-טהעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עסטעטיק אדער צו דער ווי־סענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט; וואס האט א שעהנהייטס־געפיהל אדער גע־שמאק.
esthet'ically *adv.* (עס-טהעט'-אי-קעל-אי) לויט די עסטעטישע פרינציפען; בנוגע צום געפיהל פון שעהנהייט.
estheti'cian *n.* (עס-טהי-טיש'-ען) איי־נער וואס שטודירט עסטעטיק. ז. *esthetics*
esthet'icism *n.* (עס-טהעט'-אי-סיזם) עסטעטיציזם, די פרינציפען פון עסטעטיק; אן איבערגעטריבענע איבערגעבענהייט צו די שעהנהייטס־פארמען.
esthet'icize *v.* (עס-טהעט'-אי-סאיז) מאכען עסטעטיש; פערפאסען אין אנ־קלאנג מיט די כללים פון עסטעטיק.
esthet'ics *n.* (עס-טהעט'-איקס) עסטע־טיק, די וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט.
Estho'nian *a. and n.* (עס-טהאו'-ני-ען) וואס בעלאנגט צו עסטאניען אדער עסטלאנד [א גובערניע אין מערב־רוס־לאנד]; אן עסטלענדער; די עסטאנישע שפראך.
es'timable *a.* (עס'-טי-מעבל) וואס קען אבגעשאצט ווערען; וואס איז ווערטה צו זיין געשעצט אדער געאכטעט.
He is an estimable gentleman.
es'timableness *n.* (עס'-טי-מעבל-נעס) שאצבארקייט.
es'timably *adv.* (עס'-טי-מע-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט געאכטעט צו ווע־רען.
es'timate *v. and n.* (עס'-טי-מייט) שא־צען, בערעכנען; די שאצונג, די בערעכ־נונג.
es'timated course (עס'-טי-מיי-טעד קאורס) די ריכטונג פון א שיף על פי השערה [ניט גענוי אויסגערעכענט].
estima'tion *n.* (עס-טי-מיי'-שאן) די שאצונג, די בערעכנונג; אן אבשאצונג; די מיינונג; די אורטיילונג וועגען עפעס; אכטונג.
es'timative *a.* (עס'-טי-מיי-טיוו) דענ־קענד; בערעכנענד, אורטיילענד.
es'timator *n.* (עס'-טי-מיי-טאר) אן אב־שאצער, א בעאורטיילער.
es'timatory *a.* (עס'-טי-מיי-טא-רי) שאצענד, אורטיילענד.
estin'to *a.* (עס-טינ'-טא) אין מוזיק — אונטערגעהענד; וואס בעצייכענט דעם שוואכסטען לעצטען טאן אין פיאנא־שפיעל.
es'tival *a.* (עס'-טי-וועל) וואס ערשיינט אין זומער; וואס איז שייך צו זומער; זומערדיג.
es'tivate *v.* (עס'-טי-וועיט) פערברייג־גען דעם זומער; אין זאאלאגיע — אב־שלאפען דעם זומער [וועגען געוויסע מא־לוסקען].
estiva'tion *n.* (עס-טי-וויי'-שאן) דאס פערברייגגען דעם זומער [ווי אין א זו־מער־פלאץ]; אין זאאלאגיע — דער זו־מער־שלאף פון געוויסע חיה'לעך [ווי מא־לוסקען א. ד. ג.].
estop' *v.* (עס-טאפ') הינדערען, אבהאלטען.
estop'pel *n.* (עס-טאפ'-על) א הינדע־רונג, אן אבהאלט.
estop'ple *n.* (עס-טאפל') ז. *estoppel*
estoufade' *n.* (עס-טוה-פייד') אן ארט קאכען לאנגזאם פלייש אין א פערמאכטער כלי.

esto'vers *n.* (עס-טאו'-ווערז) מזונות וואס א מאן מוז לויט'ן געזעץ געבען דעם ווייב, אדער וואס מען מוז געבען אן ארעסטאנט און זיין פאמיליע, בעת ער זיצט אין טורמע.
estrade' *n.* (עס-טרייד') אן עסטראדע, א בימה.
estrange' *v.* (עס-טריינדזש') מאכען פרעמד, ענטפרעמדען; דערווייטערען.
estran'gedness *n.* (עס-טריינ'-דזשעד-נעס) דאס זיין ענטפרעמדעט אדער דער־ווייטערט.
estrange'ment *n.* (עס-טריינדזש'-מענט) דאס ווערען אדער מאכען פרעמד; ענטפרעמדונג; דערווייטערונג.
estran'ger *n.* (עס-טריינ'-דזשער) איי־נער וואס ענטפרעמדעט אדער דערוויי־טערט.
estrapade' *n.* (עס-טרע-פייד') דאס שטעלען זיך פון א פערד אויף די הינ־טערשטע פיס ארבעצוואארפען דעם ריי־טער, דאס אויסזעצען פון א בערד.
estray' *n.* (עס-טריי') אן אוועקגעלאפע־נעס אדער פערבלאנדזשעטעס הויז־טהיער; עטוואס וואס געהט ארויס פון זינען.
estreat' *n. and v.* (עס-טריעט') אן אויסצוג אדער א קאפיע פון א דאקומענט; א בעשטעטיגטער אויסצוג פון א געריכטס־פראטאקאל; מאכען אן אויסצוג אדער א קאפיע פון א געריכטס־פראטאקאל.
estrepe' *v.* (עס-טריפ') איין געזעצ־בונג — פערדארבען עפעס; אנטהאן איי־נעם היזק דורך פערדארבונג [ווי אב־שניידען די צווייגען פון איינעמס בוי־מער, אויסהאקען די בוימער פון איינעמס לאנד א. ד. ג.].
es'trich *n.* (עס'-טריטש) פוך פון א שטרויס־פויגעל.
es'tridge *n.* (עס'-טרידזש) ז. *estrich*
E'-string *n.* (אי'-סטרינג) די דינסטע סטרונע פון א פידעל וועלכע גיט דעם העכסטען טאן.
estua'rian *a.* (עס-טשיו-איי'-רי-ען) ז. *estuarine*
es'tuarine *a.* (עס'-טשיו-ע-רין) וואס איז שייך צו א מינדונג פון א טייך [דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים].
es'tuary *n.* (עס'-טשיו-איי-רי) די מינ־דונג פון א טייך, דער טייל פון א טייך אין דעם ארט, וואו ער פאלט אריין אין ים און וואו אין טייך איז קענטיג די וויר־קונג פון עבע און פלוטה [דאס טעגליכע שטייגען און פאלען פון וואסער].
esu'rient *a.* (אי-סיו'-רי-ענט) הונגריג.
étagère' *n.* (איי-טא-זשעהר') אן עטא־זשערקע, א שאפקע מיט פאליצעס.
etape' *n.* (ע-טעפ') א שטאדטישער אדער דארפישער מאגאזין פאר סחורות; פראוויאנט פאר סאלדאטען אין דער צייט ווען זיי געהען דורך פון איין ארט אין אן אנדערען; אין רוסלאנד — אן עטאפ [דאס הויז וואו א פארטיע ארעסטאנטען שטעלען זיך אב אין זייער גאנג צום ארט, וואו מען שיקט זיי ארויס].
état'-major' *n.* (איי-טא'-מא-זשאהר') אין מיליטער — דער גענעראל־שטאב.
etc. אן אבקירצונג פון *et cetera*
et cet'era (עט-סעט'-ע-רא) און זא ווייטער, און דאסגלייכען.
etcet'era (עט-סעט'-ע-רא) ז. *et cetera*
etch *v.* (עטש) אויספרעסען, אויסעסען, גראווירען מיט דער הילף פון אן עסענ־דען שטאף; סקיצירען, צייכענען.
etch'er *n.* (עטש'-ער) איינער וואס גרא־ווירט מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.
etch'ing *n.* (עטש'-אינג) דאס גראווירען מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען; א פיגור וואס איז אויסגראווירט מיט־דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.
etch'ing-ground *n.* (עטש'-אינג-גראונד) דער לאק מיט וועלכען מען בע־דעקט די ערטער פון דעם מעטאלענעם גראוויר־בלעכעל, וועלכעס דארף פערהיט ווערען פון דעם אויסעסענדען שטאף.
etch'ing-nee'dle *n.* (עטש'-אינג-ניעדל) די גראוויר־נאדעל.
eter'nal *a. and n.* (אי-טויר'-נעל) איי־ביג, אייביג־דויערענד, אונענדליך, אונ־אויפהערליך; אהן אן אנהויב און אהן א סוף; אויסער דער צייט; עטוואס וואס דויערט אייביג; אייבינקייט.
Eter'nal *n.* (אי-טויר'-נעל) דער אייבי־גער [גאט].
Eter'nal Cit'y (אי-טויר'-נעל סיט'-אי) די אייביגע שטאדט [אזוי ווערט גערו־פען די שטאדט רוים].
eter'nal home (אי-טויר'-נעל האום) יענע וועלט.
eter'nalist *n.* (אי-טויר'-נעל-איסט) דער וואס האלט אז די וועלט איז א קדמון, אז די וועלט אדער די מאטעריע האט עקזיסטירט פון אייביג אן.
eternal'ity *n.* (אי-טויר-נעל'-אי-טי) דאס זיין אייביג; אייבינקייט.
eter'nalize *v.* (אי-טויר'-נעל-איז) ז. *eternize*
eter'nally *adv.* (אי-טויר'-נעל-אי) איי־ביג, אונענדליך, אונאויפהערליך; אהן אן אנהויב און אהן א סוף.
eter'nalness *n.* (אי-טויר'-נעל-נעס) ז. *eternality*
eternisa'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) ז. *eternization*
eter'nise *v.* (אי-טויר'-נאיז) ז. *eternize*
eter'nity *n.* (אי-טויר'-ני-טי) אייבינ־קייט; אונענדליכקייט; דאס זיין אויסער דער צייט; די עקזיסטענץ פאר דער גע־בורט און נאך דעם טויט.
eter'nity box (אי-טויר'-ני-טי באקס) א טרונע.
eterniza'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) פעראייביגונג, דאס מאכען אונ־שטערבליך [בעריהמט].
eter'nize *v.* (אי-טויר'-נאיז) פעראיי־ביגען, מאכען אונענדליך, מאכען אויף איי־ביג בעריהמט, מאכען אונשטערבליך.
ete'sian *a.* (אי-טי'-זשען) פעריאדיש, וואס קומט אין בעשטימטע צייטען, וואס האלט אן א בעשטימטע צייט [הויפטזעכ־ליך וועגען ווינדען].
e'ther *n.* (אי'-טהער) עטהער [עפיר], א פליסיגקייט וואס ווערט געברויכט ביי אפעראציאנען אלס אנעסטעטיק [בעטוי־בונגס־מיטעל אדער א מיטעל צו מאכען אונעמפפינדליך]; א מין לופט־שטאף, וועל־כער, ווי מען גלויבט, געפינט זיך איבע־ראל, אפילו צווישען די אטאמען פון די געדיכטעסטע קערפער. דורך די וועלענאר־טיגע בעוועגונג פון עטהער ווערט איבער־געטראגען ליכט [מיט דער בעוועגונג פון'ם עטהער ווערען ערקלערט די ערשיי־נונגען פון עלעקטריציטעט און מאגנע־טיזם]; אין דער אלט־גריכישער פילאזא־פיע — אן עלעמענט וואס האט אנגעפילט די הימלען פון יענער זייט לבנה, א הע־כערער זארט פייער, פון וועלכען עס בע־שטעהען די זון און די שטערען אדער א

העכערע זארט לופט, מיט וועלכער עס אטעמען די געטער.

ethe'real *a.* (אי-טהי'-רי-על) עטהעריש; וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עטהער; וואס איז עהנליך צו עטהער; הימליש, גייסטיג; לופט=ארטיג, לייכט; וואס לעבט אין דער לופט; הימעל=בלוי; לופטיג. ז. *ether*.

etherealisa'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) ז. *etherealization*.

ethe'realise *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) ז. *etherealize*.

ethereal'ity *n.* (אי-טהי-רי-על'-אי-טי) דאס זיין עטהעריש; אונקערפערליכקייט, רוחניות'דיגקייט. ז. *ether*.

etherealiza'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען עטהעריש אדער רוחניות'דיג. ז. *ether*.

ethe'realize *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) מאכען עטהעריש; מאכען ריין, עדעל אדער רוחניות'דיג. ז. *ether*.

ethe'really *adv.* (אי-טהי'-רי-על-אי) אויף'ן אופן ווי עטהער; דורך עטהער. ז. *ether*.

ethe'reous *a.* (אי-טהי'-רי-אס) עטהעריש; הימליש. ז. *ether*.

e'theriform *a.* (אי'-טהויר-אי-פארם) עהנליך צו עטהער. ז. *ether*.

etheriza'tion *n.* (אי-טהויר-אי-זיי'-שאן) בעטויבען, מאכען אונעמפפינדליך דורך עטהער; דער צושטאנד אונטער דער ווירקונג פון עטהער; פערוואנדלען אין עטהער, פראדוצירען עטהער. ז. *ether*.

e'therize *v.* (אי'-טהויר-איז) איינגעבען עטהער: פערוואנדלען אין עטהער. ז. *ether*.

e'therizer *n.* (אי'-טהויר-אי-זער) אן אפאראט צו בעטויבען מיט עטהער [ביי אפעראציאנען].

eth'ic *n. and a.* (עטה'-איק) עטהיק, זיטען=לעהרע, מאראל; עטהיש, זיטליך, מאראליש.

eth'ical *a.* (עטה'-אי-קעל) וואס איז שייך צו די פרינציפען פון עטהיק [זיטען=לעהרע מאראל].

Eth'ical Cul'ture Soci'ety (עטה'-אי-קעל קאל'-טשור סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט וואס האט די אויפגאבע צו פערשפרייטען מאראל=פרינציפען אזוי, אז די מאראל זאל פערנעהמען דעם פלאץ פון רעליגיאן.

eth'ically *adv.* (עטה'-אי-קעל-אי) לויט די פרינציפען פון עטהיק אדער מאראל.

eth'icize *v.* (עטה'-אי-סאיז) מאכען עטהיש; צושרייבען עטהישע אייגענשאפטען.

eth'ics *n.* (עטה'-איקס) עטהיק, זיטענלעהרע, מאראל; די וויסענשאפטען וואס זיינען געבויט אויף די פרינציפען פון מאראל

Ethio'pian *a. and n.* (אי-טהי-או'-פי-ען) וואס איז נוגע צו עטהיאפיע אדער אביסיניען [כוש]; אן איינוואהנער פון עטהיאפיע, א כושי, א נעגער.

Ethiop'ic *n.* (אי-טהי-אפ'-איק) די אלטע עטהיאפישע שפראך.

e'thiops mar'tial (אי'-טהי-אפס מאר'-שעל) שווארצער אייזען=אקסידול [דער שווארצער זשאווער אדער ראסט פון אייזען].

e'thiops min'eral (אי'-טהי-אפס מינ'-ער-על) א שווארצער מינעראל, וועלכער בעקומט זיך פון דער צוזאמענמישונג פון שוועבעל מיט קוועקזילבער.

eth'moid *n.* (עטה'-מאיד) דער זיפ=ביין [א ביין וואס ענטהאלט אין זיך פיעל לעכעלעך און ליעגט אין דעם אויבערשטען טייל פון נאז].

eth'narch *n.* (עטה'-נארק) דער עטנארך, א וויצע=קעניג [אין אלט=גריכענלאנד].

eth'nic *a. and n.* (עטה'-ניק) עטניש, וואס בעלאנגט צו ראסען און פעלקער; היידיש, וואס געהערט צו היידען אדער געצענדיענער; אן עכו"ם, א געצענדיענער.

eth'nical *a.* (עטה'-ני-קעל) ז. *ethnic*.

eth'nicism *n.* (עטה'-ני-סיזם) היידענטום, געצענדיענעריי.

ethnogen'ic *a.* (עטה-נא-דזשען'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'eny *n.* (עטה-נאדזש'-ע-ני) עטנאגעניע, די לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'rapher *n.* (עטה-נאג'-רע-פער) אן עטנאגראף, דער וואס בעשרייבט דאס לעבען און די זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnograph'ic *a.* (עטה-נא-גרעפ'-איק) וואס געהערט צו עטנאגראפיע אדער צו דער בעשרייבונג פון פעלקער.

ethnograph'ical *a.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *ethnographic*.

ethnograph'ically *adv.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל-אי) לויט די כללים און מעטאדען פון עטנאגראפיע.

ethnog'raphist *n.* (עטה-נאג'-רע-פיסט) ז. *ethnographer*.

ethnog'raphy *n.* (עטה-נאג'-רע-פי) עטנאגראפיע, די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ראסען און פעלקער.

ethnolog'ic *a.* (עטה-נא-לאדזש'-איק) וואס איז נוגע צו עטנאלאגיע אדער צו דער וויסענשאפט וועגען לעבען און זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnolog'ical *a.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *ethnologic*.

ethnolog'ically *adv.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל-אי) ווי אן עטנאלאג: לויט די כללים און מעטאדען פון דער עטנאלאגיע.

ethnol'ogist *n.* (עטה-נאל'-א-דזשיסט) אן עטנאלאגיסט, איינער וואס שטודירט עטנאלאגיע.

ethnol'ogy *n.* (עטה-נאל'-א-דזשי) עטנאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען די מענשליכע ראסען און פעלקער, זייער לעבען און זיטען.

ethog'raphy *n.* (אי-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די מאראלע אייגענשאפטען פון מענשען.

etholog'ic *a.* (עטה-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען דער אויסבילדונג פון מענשליכען כאראקטער.

etholog'ical *a.* (עטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *ethologic*.

ethol'ogy *n.* (אי-טהאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען מענשליכע זיטען און מדות; עטהיק.

e'thos *n.* (אי'-טהאס) דער גייסט פון א פאלק, וואס דריקט זיך אויס אין זיין כאראקטער, זיטען, פעהיגקייטען א. ד. ג.; אין עסטעטיק — די שטריכען פון א קונסטווערק, וועלכע דריקען אויס אן אלגעמיינע, אוניווערזאלע אידעע און א הויכען מאראלישען אידעאל.

eth'yl *n.* (עטה'-איל) עטהיל, אן ארגאנישע כעמישע פערבינדונג פון קויהלען=שטאף און וואסער=שטאף.

eth'yl al'cohol (עטה'-איל. על'-קא-האל) ז. *ethylic alcohol*.

eth'ylated *a.* (עטה'-אי-ליי-טער) פערבונדען מיט עטהיל, א כעמישער פראדוקט וואס ענטהאלט א פערבינדונג פון קויהלען=שטאף און וואסער=שטאף.

ethyl'ic *a.* (עטה-איל'-איק) ז. *ethylated*.

ethyl'ic al'cohol (עטה-איל'-איק על'-קא-האל) אלקאהאל.

e'tiolate *v.* (אי'-טי-א-לייט) בלייך אדער ווייס ווערען; בלייכען.

etiola'tion *n.* (אי-טי-א-ליי'-שאן) דאס ווערען ווייס אדער בלייך.

e'tiolize *v.* (אי'-טי-א-לאיז) ז. *etiolate*.

etiquette' *n.* (עט-אי-קעט') עטיקעטע, די אלגעמיין אנגענומענע כללים פון בענעהמען זיך אין דער געזעלשאפט, די אנגענומענע כללים פון העפליכקייט.

et'na *n.* (עט'-נא) א כלי צום אנווארעמען וואסער אויף ברענענדען אלקאהאל.

Et'na *n.* (עט'-נא) דער וואולקאן עטנא [א בעוואוסטער פייערשפייענדער בארג אין סיציליען, איטאליען].

Etne'an *a.* (עט-ני'-ען) וואס איז שייך צו דעם וואולקאן עטנא.

Eto'nian *a. and n.* (אי-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט איטאן אין ענגלאנד אדער צו דער הויכשוהל וואס דארטען געפינט זיך: איינער וואס האט שטודירט אין דער הויכשוהל פון איטאן.

Etru'rian *a. and n.* (עט-רו'-רי-ען) ז. *Etruscan*.

Etrus'can *a. and n.* (עט-ראס'-קען) וואס איז שייך צו דער פארצייטיגער פראווינץ עטרוריען אין צענטראל איטאליען אדער צו די דארטיגע איינוואהנער, זייער קולטור און קונסט; אן איינוואהנער פון עטרוריען.

étude' *n.* (ע-טיוד') אן עטיוד, אן ענטוואורף פון א קונסט=ווערק; א ניט=פאלקאם בעארבייט קונסט=ווערק [אין מאהלעריי, ליטעראטור, מוזיק א. ד. ג.]; א מוזיקאלישע איבונגס=שטיק.

étui' *n.* (ע-טהווי') אן עטווי, א קליין פערציערט שאכטעל [צו האלטען קארטען, ציגארעטען אדער אנדערע קלייניגקייטען].

etymolog'ic *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-איק) ז. *etymological*.

etymolog'ical *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל) עטימאלאגיש, וואס געהערט צו דעם טייל פון גראמאטיק, וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און שרש פון ווערטער.

etymolog'ically *adv.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) עטימאלאגיש, לויט די פרינציפען און רעגעלען פון עטימאלאגיע. ז. *etymology*.

etymol'ogist *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשיסט) אן עטימאלאגיסט, א ווארט=פארשער; איינער וואס אונטערזוכט דעם שרש, די ענטוויקלונג און בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogize *v.* (עט-אי-מאל'-א-דזשאיז) נאכפארשען דעם שרש און די בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogy *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשי) עטימאלאגיע, ווארט=פארשונג; דער טייל פון גראמאטיק וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און דעם שרש פון ווערטער.

et'ymon *n.* (עט'-אי-מאן) דער שרש פון א ווארט; דער תוך פון א געדאנק.

etyp'ic *a.* (אי-טיפ'-איק) אין ביאלא=

גיע — וואס טרעט אב פון געוועהנליכען טיפ; וואס הויבט זיך אן צו ענטוויקלען אין אן אנדער ביאלאגישער פארם.

etyp'ical *a.* (אי-טיפ'-אי-קעל) ז. *etypic*.

Eucalyp'tus *n.* (יו-קע-ליפ'-טאס) א גרויסער מין אימער=גרינע בוימער און קוסטעס וואס וואקסען הויפטזעכליך אין אויסטראליען. אייניגע זארטען בוימער פון דיזען מין זיינען די העכסטע אין דער וועלט, דערגרעהענד אין דער הויך ביז 400 און 500 פוס.

eu'charist *n.* (יו'-קע-ריסט) דאס סאקראמענט אדער דאס הייליגע אבענדמאהל אין דער קריסטליכער קירך [די צערעמאניע פון פערזוכען אין קירך פון דעם הייליגען ברויט און וויין מיט דעם גלויבען, אז דערמיט ווערט דער מענש פעראייניגט אויף א געהיימען אופן מיט קריסטוס'עס קערפער און ווערט פריי פון זינד און מסוגל צום אייביגען לעבען].

eucharis'tic *a.* (יו-קע-ריס'-טיק) וואס געהערט צום סאקראמענט אדער צום הייליגען אבענדמאהל. ז. *eucharist*.

eucharis'tical *a.* (יו-קע-ריס'-טי-קעל) ז. *eucharistic*.

eu'clase *n.* (יו'-קלייס) זעהר א ברעכליכער מינעראל פון א גלאנציגען, גרינליכען קאליר. געפינט זיך אין גרויסע מאסען אין בראזיליען.

euchlo'rin *n.* (יו-קלאו'-רין) א מין גאז, וואס האט זעהר א שטארקע עקספלאדירענדע אויפרייסענדע קראפט.

euchol'ogy *n.* (יו-קאל'-א-דזשי) די ליטורגיע, דאס בוך פון רעליגיעזע תפילות אין די קריסטליכע קירכען.

eu'chroite *n.* (יו'-קרא-איט) דער אויכראאיט [א מין גרינליכער דורכזיכטיגער מינעראל].

eudæmon'ics *n.* (יו-די-מאנ'-איקס) ז. *eudemonism*.

eudæ'monism *n.* (יו-די'-מאן-איזם) ז. *eudemonism*.

eude'mon *n.* (יו-די'-מאן) א גוטער מלאך.

eude'monism *n.* (יו-די'-מאנ-איזם) אוידעמאניזם, די עטהישע לעהרע, אז דער הויפט=ציעל פון לעבען איז דאס מענשליכע גליק.

eude'monist *n.* (יו-די'-מאנ-איסט) אן אוידעמאניסט, איינער וואס האלט, אז דער העכסטער ציעל פון לעבען איז דאס גליק פון מענשען.

eudemonis'tic *a.* (יו-די-מאנ-איס'-טיק) וואס איז נוגע צו דער לעהרע פון אוידעמאניזם. ז. *eudemonism*.

eudemonolog'ical *a.* (יו-די-מאנ-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *eudemonistic*.

eudemonol'ogy *n.* (יו-די-מאנ-אל'-א-דזשי) אוידעמאנאלאגיע, די לעהרע וועגען מענשליכען גליק.

eudiom'eter *n.* (יו-די-אמ'-ע-טער) אן אוידיאמעטער [אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען מעסט די ריינקייט פון דער לופט אדער פון גאזען].

eudiomet'ric *a.* (יו-די-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו דער מעסטונג פון דער ריינקייט פון לופט אדער גאזען.

eudiomet'rical *a.* (יו-די-א-מעט'-רי-קעל) ז. *eudiometric*.

eudiom'etry *n.* (יו-די-אמ'-עט-רי) אוידיאמעטריע, דאס מעסטען די ריינקייט פון לופט אדער גאזען.

eugen'ics *n.* (יו-דזשענ'-איקס) די וויסענשאפט וועגען די פערבעסערונג פון מענשליכען מין דורך רעגולירען די הייראטס=בעציהונגען.

euhe'merism *n.* (יו-הי'-מע-ריזם) די לעהרע, אז די מיטאלאגישע געטער און העלדען זיינען מענשען, וועלכע זיינען פערגעטערט געווארען נאך זייער טויט; די לעהרע, אז מיטאלאגיע שטאמט פון היסטאריע.

eukai'rite *n.* (יו-קיי'-ראיט) יוקאריט [א מינעראל פון א גלאנציגען בליי=גרויען קאליר].

eulo'gious *a.* (יו-לאו'-דזשי-אס) ז. *eulogistic*.

eu'logise *v.* (יו'-לא-דזשאיז) ז. *eulogize*.

eu'logism *n.* (יו'-לא-דזשיזם) ז. *eulogy*.

eu'logist *n.* (יו'-לא-דזשיסט) א לויב=רעדנער, איינער וואס לויבט צופיעל.

eulogis'tic *a.* (יו-לא-דזשיס'-טיק) וואס ענטהאלט איבערטריבענע לויב; צופיעל לויבענד.

eulogis'tical *a.* (יו-לא-דזשיס'-טי-קעל) ז. *eulogistic*.

eulogis'tically *adv.* (יו-לא-דזשיס'-טי-קעל-אי) דורך אן איבערטריבענע לויב.

eulo'gium *n.* (יו-לאו'-דזשי-אם) ז. *eulogy*.

eu'logize *v.* (יו'-לא-דשאיז) שטארק לויבען; זינגען אימעצען א לויב=געזאנג.

eu'logy *n.* (יו'-לא-דזשי) א לויב=געזאנג, א שטארקער שבח.

eu'nomy *n.* (יו'-נא-מי) גלייכע רעכטע; א רעגירונגס=סיסטעם וואס איז געגרינדעט אויף די פרינציפען פון גלייכע רעכטע און גערעכטיגקייט.

eu'nuch *n., a. and v.* (יו'-נאק) א סריס [א קאסטרירטער, איינער וואס מען האט איהם געמאכט אויס זכר]; א יעוונוך [א סריס, וואס האט די אויפזיכט איבער אן הארעם]; אונפרוכטבאר, וויסט; מאכען פאר א יעוונוך; קאסטרירען [מסרס זיין].

eu'nuchism *n.* (יו'-נאק-איזם) דאס זיין א סריס אדער יעוונוך. ז. *eunuch*.

eu'patory *n.* (יו'-פע-טא-רי) דער וואסערדאסט [אזא פלאנצע מיט ביטערע בלעטער און רויטע אדער ווייסע קיילעכדיגע בליהונגען וואקסט מעהרסטענטייל אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא. אייניגע מינים פון דיזער פלאנצע ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Eupatory

eupep'sia *n.* (יו-פעפ'-סי-א) גוטע פערדייאונג.

eupep'sy *n.* (יו-פעפ'-סי) ז. *eupepsia*.

eupep'tic *a.* (יו-פעפ'-טיק) וואס פערדייט גוט; וואס פעראורזאכט גוטע פערדייאונג; וואס איז שייך צו גוטער פערדייאונג.

eu'phemism *n.* (יו'-פי-מיזם) אין רעטאריק — אן עפעמיזם, דער געברויך פון אן עדעלערען אויסדרוק אנשטאט א גראבען, בעליידיגענדען אדער פערשוועכענדען; אזא אויסדרוק [ווי למשל: "נסתלק געווארען" אנשטאט "געשטארבען"].

eu'phemist *n.* (יו'-פי-מיסט) איינער וועלכער געברויכט מילדע אויסדריקע אנשטאט גראבע, בעליידיגענדע און פערשוועכענדע; איינער וואס געברויכט עפעמיזמען. ז. *euphemism*.

euphemis'tic *a.* (יו-פי-מיס'-טיק) וואס איז שייך צו עפעמיזמען, וואס ענטהאלט עפעמיזמען. ז. *euphemism*.

euphemis'tical *a.* (יו-פי-מיס'-טי-קעל) ז. *euphemistic*.

eu'phemize *v.* (יו'-פי-מאיז) געברויכען עפעמיזמען, רעדען מיט מילדע אויסדריקע. ז. *euphemism*.

euphon'ic *a.* (יו-פאנ'-איק) וואס איז שייך צו א הארמאניום [אן ארגעל=ארטיגער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכער גיט ארויס מילדע, אנגענעהמע טענער]; וואס קלינגט שעהן, לייכט און אנגענעהם.

euphon'ical *a.* (יו-פאנ'-אי-קעל) ז. *euphonic*.

eupho'nious *a.* (יו-פאו'-ני-אס) ז. *euphonic*.

eu'phonism *n.* (יו'-פא-ניזם) אן אנגענעהמער קלאנג; אן אנגענעהמע קלאנגען=פערבינדונג.

eu'phonize *v.* (יו'-פא-נאיז) מאכען שעהן=קלינגענד אדער אנגענעהם=קלינגענד.

eupho'non *n.* (יו-פאו'-נאן) א הארמאניום [אן ארגעל=ארטיגער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכער גיט ארויס מילדע, אנגענעהמע טענער].

eu'phonous *a.* (יו'-פא-נאס) ז. *euphonic*.

eu'phony *n.* (יו'-פא-ני) דאס ארויסברענגען קלאנגען לייכט און אנגענעהם; מאכען הארמאניש אדער מעלאדיש; א הארמאנישע, אנגענעהמע, גלאטע צוזאמענבינדונג פון ווערטער און זעצע.

Euphor'bia *n.* (יו-פאהר'-בי-א) די וואלפס=מילך [א מין גראזען און אויך קוסטעס, וועלכע ענטהאלטען אין זיך א גיפטיגען מילך=זאפט. ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Euphorbia

eupho'ria *n.* (יו-פאו'-רי-א) אין פאטאלאגיע — דאס לייכט אריבערטראגען א וועהטאג; דער צושטאנד פון א קראנקען ווען ער פיהלט זיך גוט.

eu'phrasy *n.* (יו'-פרע-סי) די אויגען=טרייסט [א מין גראז, וואס מען פלעגט אמאל האלטען אלס רפואה צו אויגען=וועהטאג].

eu'phuism *n.* (יו'-פיו-איזם) א סטיל אין שרייבען וואו עס ווערט געשאטען מיט הויכע מליצות; א באמבאסטישער, מליצה=דיגער סטיל.

eu'phuist *n.* (יו'-פיו-איסט) איינער וואס געברויכט הויכע מליצות.

euphuis'tic *a.* (יו-פיו-אים'-טיק) וואס איז צופיעל מליצה'דיג.

euphuis'tically *adv.* (יו-פיו-אים'-טיק-על-אי) געברויכענדיג צופיעל מליצה.

eu'phuize *v.* (יו'-פיו-איז) געברויכען צו הויכע מליצה.

Eura'sia *n.* (יו-ריי'-שיא) דער קאנטינענט פון אייראפא און אזיען.

Eura'sian *a. and n.* (יו-ריי'-שיען) וואס געפינט זיך אין אזיען און אייראפא; וואס איז נוגע צו ביידע וועלט-טיילען, אייראפא און אזיען; געמישט פון אייראפעאישען און אזיאטישען בלוט; איינער וואס איז האלב אן אייראפעער און האלב אן אזיאט; איינער וואס האט אין זיך אייראפעאיש און אזיאטיש בלוט.

Eurasiat'ic *a.* (יו-ריי-שי-עט'-איק) וואס געפינט זיך אין אזיען און אין אייראפא; וואס איז שייך צו אייראפא און אזיען; געמישט פון אייראפעאישען און אזיאטישען בלוט.

eure'ka (יו-רי'-קא) איך האב עס געפונען!

euremat'ics *n.* (יו-רי-מעט'-איקס) די געשיכטע פון טעכנישע ערפינדונגען; דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס איז שייך צו טעכנישע ערפינדונגען.

euri'pus *n.* (יו-ראי'-פאס) א שמאלער פאס ים צווישען צוויי שטיקער לאנד, וואו דער צופלוס און אבפאל פון וואסער [פלוט און עבע] איז זעהר שטארק.

Euroc'lydon *n.* (יו-ראק'-לי-דאן) א נארד-אסט-ווינד.

Eu'rope *n.* (יו'-ראופ) אייראפא.

Europe'an *a. and n.* (יו-רא-פי'-ען) אייראפעאיש; אן אייראפעער.

Europe'an con'cert (יו-רא-פי'-ען קאנ'-סערט) א פערשטענדניס צווישען די רעגיערונגען פון די גרויסע אייראפעאישע מלוכות צו האנדלען איינשטימיג בנוגע צו געוויסע דיפלאמאטישע פראגען.

Europe'anism *n.* (יו-רא-פי'-ענ-איזם) דאס אייראפעערטום; דאס זיין אייראפעאיש אדער אייראפעאיזירט

Europeaniza'tion *n.* (יו-רא-פי-ען-אי-זיי'-שאן) דאס אייראפעאיזירען, דאס מאכען אדער ווערען אן אייראפעער.

Europe'anize *v.* (יו-רא-פי'-ען-איז) מאכען אייראפעאיש, מאכען פאר אן אייראפעער.

euryth'my *n.* (יו-ריטה'-מי) אין קונסט — די הארמאניע און עלעגאנץ פון פראפארציע; אין מעדיצין — די רעגעלמעסיגקייט פון פולס [דופק].

Eusta'chian *a.* (יו-סטיי'-קי-ען) וואס איז שייך צו דעם בעריהמטען איטאליענישען אנאטאם אויסטאכיוס [געלעבט אין 16טען יאהרהונדערט].

Eusta'chian tube (יוס-טיי'-קי-ען טיוב) דער אויסטאכישער ראהר [דער ראהר ביי א קינד אין מוטער'ס בויך, וואס פערבינדעט דעם אויער מיט דעם מויל].

Eusta'chian valve (יוס-טיי'-קי-ען וועלוו) די אויסטאכישע ווענטיל [אין הארץ פון א קינד אין מוטער'ס בויך, דורך וועלכען עס ווערט רעגולירט די בלוט-צירקולאציאן].

eu'style *a.* (יו'-סטאיל) אין ארכיטעקטור — וואס האט א שעהנע גרופירונג פון זיילען.

eu'taxy *n.* (יו'-טעקס-סי) א גוטע אדער ריכטיגע ארדנונג.

eutec'tic *a. and n.* (יו-טעק'-טיק) וואס ווערט לייכט צושמאלצען; א לעגירונג [צוזאמענגעגאסענע מעטאלען], וואס ווערט לייכט צושמאלצען.

Euter'pe *n.* (יו-טויר'-פי) אויטערפע, די מוזע פון לירישען געזאנג און דיכטונג [איינע פון די מוזען אין דער גריכישער מיטאלאגיע]; א מין דינע און גלייכע דרום-אמעריקאנישע פאלמע, וואס דערגרייכט אפט ביז 100 פוס אין הויך; א מין באבעלע אדער שמעטערלינג.

Euter'pean *a.* (יו-טויר'-פי-ען) וואס איז שייך צו דער מוזע אויטערפע. ז. *Euterpe*.

euthana'sia *n.* (יו-טהע-ניי'-שי-א) א גרינגער שמערצלאזער טויט [מיתה בנשיקה]; א מיטעל צו פערשאפען א גרינגען טויט.

euthan'asy *n.* (יו-טהענ'-ע-סי) ז. *euthanasia*.

eu'trophy *n.* (יו'-טרא-פי) אין פיזיאלאגיע—געזונטע נאהרונג, געזונטע שפייז.

evac'uant *a. and n.* (אי-וועק'-יו-ענט) אויסלעדיגענד, רייניגענד; אבפיהרענד; אן אבפיהרונגס-מיטעל.

evac'uate *v.* (אי-וועק'-יו-אייט) אויסלעדיגען, רייניגען; אבפיהרען; פערלאזען [אן ארט]; אוועקנעהמען, צונעהמען; זיך אויסלעדיגען, ארויסלאזען.

evacua'tion *n.* (אי-וועק-יו-איי'-שאן) אויסלעדיגונג, אויסלערונג, רייניגונג; אבפיהרונג; פערלאזונג [פון אן ארט]

Evacua'tion day (אי-וועק-יו-איי'-שאן דיי) דער טאג, ווען די לעצטע ענגלישע סאלדאטען האבען פערלאזען ניו יארק [25טען נאוועמבער 1783, נאך דער אמעריקאנער רעוואלוציאן].

evac'uative *a.* (אי-וועק'-יו-איי-טיוו) אויסלעדיגענדיג, אויסרייניגענדיג, אבפיהרענד.

evac'uator *n.* (אי-וועק'-יו-איי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס לעדיגט אוים.

eva'dable *a.* (אי-וויי'-דעבל) אויסמיידבאר, אויסווייכבאר.

evade' *v.* (אי-וייד') אויסמיידען, אויסווייכען; זיך ארויסדרעהען; זיך דרעהען [ניט זיין קלאר אדער בעשטימט]; זיך ניט לאזען פערשטעהן אדער ערקלערען.

eva'dible *a.* (אי-וויי'-דיבל) ז. *evadable*.

evaga'tion *n.* (אי-ווע-גיי'-שאן) דאס ארומבלאנדזשען, דאס ארומוואנדערען; אן אויספלוג, אן אויספאהר.

evag'inable *a.* (אי-וועדזש'-אי-נעבל) וואס מען קען אויסקעהרען אדער אויפדעקען.

evag'inate *v.* (אי-וועדזש'-אי-נייט) אויסקעהרען, אויפדעקען.

evagina'tion *n.* (אי-וועדזש-אי-ניי'-שאן) דאס אויסקעהרען אדער אויפדעקען.

eval'uate *v.* (אי-וועל'-יו-אייט) בעשטימען דעם ווערטה; פארזיכטיג אבשאצען; אין מאטעמאטיק — בעשטימען די נומערישע צאהל.

evalua'tion *n.* (אי-וועל-יו-איי'-שאן) פארזיכטיגע אבשאצונג; אין מאטעמאטיק — בעשטימונג פון א נומערישער צאהל.

eval'vular *a.* (אי-וועל'-וויו-לאר) אין באטאניק — וואס עפענט זיך ניט דורך ווענטילען.

evanesce' *v.* (עוו-ע-נעס') פערשווינדען ביסלעכווייז.

evanes'cence *n.* (עוו-ע-נעס'-ענס) שטופענווייזע פערשווינדונג; דאס האבען די פעהיגקייט אדער די נייגונג ביסלעכווייז צו פערשווינדען.

evanes'cent *a.* (עוו-ע-נעס'-ענט) שווינדענד; פערשווינדענדיג שטופענווייז; האבענדיג די נייגונג אדער די פעהיגקייט ביסלעכווייז צו פערשווינדען; פערקלענערט ביז אונמערקבארקייט; אונמערקבאר; אין נאטור-געשיכטע — ניט שטאנדהאפט, אונבעשטימט, וואס מען קען זיך דארויף ניט פערלאזען, וואס מען קען דארויף ניט בויען; אין ענטאמאלאגיע — וואס ווערט אטראפירט אדער וואס שטארבט ביסלעכווייז אב [ווענען געוויסע טיילען פון קערפער ביי אינזעקטען].

evanes'cently *adv.* (עוו-ע-נעס'-ענט-לי) אויף א שווינדענדען שטייגער; פערשווינדענדיג שטופענווייז.

evan'gel *n.* (אי-וענ'-דזשעל) א בשורה; איינער וואס ברייננט א גוטע בשורה.

evangel'ic *a.* (אי-ווענ-דזשעל'-איק) עוואנגעליש. ז. *evangelical*.

evangel'ical *a. and n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל) עוואנגעליש, וואס איז שייך צו אדער וואס איז אין איינקלאנג מיט דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט, ברית חדשה]; וואס געפינט זיך אין דעם נייעם טעסטאמענט; וואס האלט זיך בלויז אן דעם נייעם טעסטאמענט [הויפטזעכליך וואס בעלאנגט צו דער עוואנגעלישער קירך, וועלכע אנערקענט ניט דעם פאפסט]; איינער וואס האלט זיך שטרענג אן עוואנגעליום; אן עוואנגעליסט, אן אנהענגער פון דער עוואנגעלישער קירך.

evangel'icalism *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; אנהענגערשאפט צו דער עוואנגעלישער קירך.

evangel'ically *adv.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-אי) לויט דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט], עוואנגעליש.

evangel'icalness *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-נעס) דאס זיין עוואנגעליש; דאס זיין אין איינקלאנג מיט'ן עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט].

evangel'icism *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-סיזם) די לעהרען פון עוואנגעליום אדער פון דער עוואנגעלישער קירך.

evangelic'ity *n.* (אי-ווענ-דזשע-ליס'-אי-טי) דאס זיין עוואנגעליש; אנהענגערשאפט צו דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט] אדער צו די פרינציפען פון דער עוואנגעלישער קירך.

evangelisa'tion *n.* (אי-ווענ-דזשעל-אי-זיי'-שאן) ז. *evangelization*.

evan'gelise *v.* (אי-ווענ'-דזשעל-איז) ז. *evangelize*.

evan'gelism *n.* (אי-ווענ'-דזשעל-איזם) די פערברייטונג פון דער לעהרע פון דעם עוואנגעליום אדער פון דעם נייעם טעסטאמענט.

evan'gelist *n.* (אי-ווענ'-דזשעל-איסט) אן עוואנגעליסט, א פרעדיגער פון דער לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט; די פערפאסער פון די פיער עוואנגעליומס; ביי די מארמאנען — א פאטריארך, אזא קירכען-בעאמטער.

evangelis'tic *a.* (אי-ווענ-דזשע-ליס'-טיק) עוואנגעליש; וואס פערשפרייט אדער פרעדיגט די לעהרען פון עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; וואס איז שייך

צו אן עוואנגעליסט אדער פרעדיגער פון עוואנגעליום.

evangeliza'tion *n.* (אי-ווענ-דזשעל-אי-זיי'-שאן) דאס פרעדיגען אדער פערשפרייטען דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; בעקעהרען צום עוואנגעליום.

evan'gelize *v.* (אי-ווענ'-דזשעל-איז) פערברייטען די לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט.

evan'ish *v.* (אי-ווענ'-איש) פערשווינדען.

evan'ishment *n.* (אי-ווענ'-איש-מענט) פערשווינדונג, דאס פערשווינדען.

evani'tion *n.* (עוו-ע-ניש'-אן) ז. *evanishment*

evaporabil'ity *n.* (אי-וועפ-א-רע-ביל'-אי-טי) דאס אויסגעוועפט אדער אויסגעדונסטעט ווערען.

evap'orable *a.* (אי-וועפ'-א-רעבל) וואס קען אויסדונסטען, וואס קען אויסוועפען.

evap'orate *v.* (אי-וועפ'-א-רייט) 1. אויסדונסטען, אויסוועפען; זיך פערוואנדלען אין דאמפף אדער פארע; 2 צושטרייט ווערען, פערשווינדען.

2. Too often the spirit of a writer **evaporates** in a translation.

evapora'tion *n.* (אי-וועפ-א-ריי'-שאן) די אויסדונסטונג אדער אויסוועפונג, די פערוואנדלונג פון א פליסיגער זאך אין דונסט אדער פארע.

evap'orative *a.* (אי-וועפ'-א-ריי-טיוו) וואס וועפט זיך אויס; וואס איז שייך צו דער פערוואנדלונג פון א פליסיגער זאך אין דונסט אדער פארע.

evap'orator *n.* (אי-וועפ'-א-ריי-טאר) אן אפאראט צום טריקענען פרוכט א. ד. ג

evaporom'eter *n.* (אי-וועפ-א-ראמ'-ע-טער) אן אפאראט אויסצומעסטען די מאסע פון וואסער וואס ווערט פערוואנדעלט אין דאמפף אין א געגעבענער צייט.

eva'sion *n.* (אי-וויי'-זשאן) די פערמידונג, די אויסווייכונג; דאס ארויסמאכען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sive *a.* (אי-וויי'-סיוו) אויסווייכענד, זיך ארויסדרעהענד מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sively *adv.* (אי-וויי'-סיוו-לי) דורך אויסדרעהען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'siveness *n.* (אי-וויי'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך אויסדרעהען מיט חכמות אדער תירוצים.

eve *n.* (איוו) אבענד; דער אבענד פאר א יום=טוב אדער פאר א געוויסער געשעהניש; ערב.

evec'tion *n.* (אי-וועק'-שאן) אין אסטראנאמיע — די אונגלייכהייט פון דער קרייזבעוועגונג, וועלכע די לבנה מאכט ארום דער ערד, צוליעב דער צוציהונגס=קראפט פון דער זון.

e'ven *a., adv. and v.* (איוון) גלייך, גלאט; עהנליך; קלאר, פערשטענדליך; גראד [זוגות]; גראדע, עבען; זאגאר; פערגלייכען; מאכען גלאט; צופאסע; גלייך איין זאך צו אן אנדערער.

e'ven al'most (איוון אהל'-מאוסט) כמעט.

e'ven as (איוון עז) גלייך ווי.

e'ven as if (איוון עז איף) גראד ווי ווען...

e'ven as much (איוון עז מאטש) גראד אזוי פיעל; ניט ווייניגער ווי...

e'ven bet (איוון בעט) א גלייכער געוועט [ווען ביידע צדדים לעגען איין צו גלייכע סומען].

e'ven chance (איוון טשענס) א גלייכע מעגליכקייט, אז א געוויסע זאך וועט געשעהן אדער וועט ניט געשעהן; א גלייכער שאנס צו געווינען א געוועט אדער ניט.

e'vener *n.* (אי'ונ-ער) דער אויסגלייכער.

e'ven ground (איוון גראונד) פלאכע ערד; גלייכע שאנסען צו געווינען אדער פערשפיעלען.

e'ven-han'ded *a.* (אי'ונ-הענ'-דעד) אונפארטייאיש; וואס בענעהמט זיך מיט אלעמען גלייך.

e'ven-han'dedness *n.* (אי'ונ-הענ'-דעד-נעס) אונפארטייליכקייט; גלייכע בעציהונג צו אלעמען.

e'ven-hands *n.* (איוונ'-הענדז) קוויט.

eve'ning *n. and a.* (איוו'-נינג) אבענד, אבענד=צייט; די צייט פון אונטערגאנג; וואס פאסירט אין אבענד.

eve'ning dress (איוו'-נינג דרעס) באל=אנצוג, פאראדנע קליידער.

eve'ning par'ty (איוו'-נינג פאר'-טי) אן אבענד=געזעלשאפט, א וועטשערינקע.

eve'ning pray'er (איוו'-נינג פרעהר) אבענד=געבעט, תפלת מעריב.

eve'ning prim'rose (איוו'-נינג פרימ'-ראוז) די נאכט=קערצע [א הויכע פלאנצע מיט ברייטע געלע בלומען, וואס עפענען זיך פאנאנדער ביי נאכט].

eve'ning star (איוו'-נינג סטאר) דער אבענד=שטערען, ווענוס.

e'ven keel (איוון קיעל) א גלייכע אדער האריזאנטאלע לאגע פון א שיף.

e'ven lay (איוון ליי) א וועט אויף גלייך.

e'venly *adv.* (אי'ונ-לי) גלייך, גלאט; אונפארטייאיש.

e'venness *n.* (אי'ונ-נעס) גלייכהייט, גלאטקייט; גייסטעסרוהיגקייט, געלאסענקייט; אונפארטייליכקייט.

e'venness of tem'per (אי'ונ-נעס אוו טעמ'-פער) געלאסענקייט, רוהיגקייט.

e'ven now (איוון נאו) אפילו איצט.

Even now, after many years of study, he is not able to speak English correctly.

e'ven num'ber (איוון נאמ'-בער) א גראד=צאהל [ווי 2, 4, 6 א. ז. וו.].

e'ven or odd (איוון אר אד) גראד צי אום [אן אלטע שפיעל].

e'ven page (איוון פיידזש) די זייט פון א בלאט אין א בוך, אויף וועלכער עס איז אנגעצייכענט א גראד=נומער [ווי 32, 34, 36 א. ד. ג.].

e'ven-pleached *a.* (אי'ונ-פליעטשט) גלאט געפלאכטען.

e'ven-song *n.* (אי'ונ-סאנג) תפלת מעריב; אן אבענד=ליעד.

event' *n.* (אי-ווענט') א בענעבענהייט, א פארפאל, א פאסירונג, א געשעהעניש.

e'ven-tem'pered *a.* (אי'ונ-טעמ'-פערד) גלייכמוטיג, געלאסען, רוהיג.

event'ful *a.* (אי-ווענט'-פול) פול מיט פארפעלע אדער פאסירונגען.

event'less *a.* (אי-ווענט'-לעס) אהן פאסירונגען, מאנאטאנע.

eventra'tion *n.* (אי-ווענ-טריי'-שאן) אין מעדיצין — דער צושטאנד פון א פערזעהניש אדער אוננארמאלע בעשעפעניש, ביי וועלכער די געדערים ענטהאלטען זיך אין א מין זעקעל, וואס הענגט אראב פון בויך; א ברוך אדער קילע, וואו די געדערים געהען ארויס פון בויך.

even'tual *a.* (אי-ווענ'-טשו-על) מעגליך; וואס הענגט אב פון א מעגליכען פאל; וואס בעקומט זיך פון א מעגליכען פאל; וואס פאסירט אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען; סוף כל סוף; ענטשיידענד; ענדליך, שליסליך.

eventual'ity *n.* (אי-ווענ-טשו-על'-אי-טי) דאס וואס פאסירט אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען; דאס געפיהל פאר פאסירונגען און די אייגענשאפט זיי צו געדענקען.

even'tually *adv.* (אי-ווענ'-טשו-על-אי) ענדליך, שליסליך; לויט דעם אויסגאנג; לויט דעם פארקומענדען פאל.

even'tuate *v.* (אי-ווענ'-טשו-אייט) 1. זיך אויסלאזען מיט..., זיך ענדיגען מיט...; 2. פאסירען, אויספאלען, פארקומען.

1. The agitation against slavery **eventuated** in a civil war.

eventua'tion *n.* (אי-ווענ-טשו-איי'-שאן) דאס פאסירען אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען.

ev'er *adv.* (עוו'-ער) אימער, צו יעדער צייט; אין יעדען פאל.

ev'er and anon' (עוו'-ער ענד ע-נאן') אפטמאל; פון צייט צו צייט.

ev'er-dur'ing *a.* (עוו'-ער-דיור'-אינג) אימער=דויערענד, אייביג.

ev'erglade *n.* (עוו'-ער-גלייד) א שטרעקע זומפיג לאנד וואס איז מעהר אדער ווענינער בעוואקסען מיט הויכען גראז.

ev'ergreen *a. and n.* (עוו'-ער-גריען) אימער גרין; א פלאנצע וועלכע בלייבט גרין דעם גאנצען יאהר.

The pine is an **evergreen** tree.

everlas'ting *a. and n.* (עוו-ער-לעס'-טינג) אונאויפהערליך; אונענדליך; אימער=דויערענד; אייביג; וואס ציהט זיך אונענדליך לאנג; אונגעהייער גרויס אדער מעכטיג; די אייביגקייט; דער אייביגער [גאט]; אזא שטארקער וואלען=שטאף; א נאמען פון געוויסע פלאנצען, וואס זייערע בלומען האלטען אן זייער פארם, קאליר און גלאנץ נאכדעם ווי זיי זיינען פערטריקענט געווארען.

everlas'ting flow'ers (עוו-ער-לעס'-טינג פלאו'-ערז) בלומען, ביי וועלכע די פארם און דער קאליר פון די בלעטער בייטען זיך ניט נאכדעם ווי זיי זיינען פערטריקענט געווארען.

everlas'tingly *adv.* (עוו-ער-לעס'-טינג-לי) פאר אלע צייטען; פאר אימער; פאר אן אונבעשטימטער לאנגער צייט; אהן א גרענעץ; אונגעהייער.

everlas'tingness *n.* (עוו-ער-לעס'-טינג-נעס) אייביגקייט; אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.

everlas'ting pea (עוו-ער-לעס'-טינג פיע) אזא ארבעס=עהנליכע פלאנצע.

everlas'ting tor'ment (עוו-ער-לעס'-טינג טאהר'-מענט) די יסורים פון גיהנום.

ev'er-liv'ing *a.* (עוו'-ער-ליוו'-אינג) אונשטערבליך; וואס לעבט אייביג; וואס עקזיסטירט אימער.

ev'ermore *adv.* (עוו'-ער-מאור) פאר אימער, פאר אלע צייטען; פאר אייביג.

ever'sible *a.* (אי-וואיר'-סיבל) וואס קען איבערגעקעהרט אדער אויסגעקעהרט ווערען.

ever'sion *n.* (אי-וואיר'-שאן) דאס איבערקעהרען אדער אויסקעהרען.

ev'er so lit'tle (עוו'-ער סאו ליטל) נאך אזוי ווייניג.

evert' *v.* (אי-וואירט') אויסקעהרען, איבערקעהרען.

eve'ry *a.* (עוו'-רי) יעדער, יעדע, יעדעס.
eve'ry bit (עוו'-רי ביט) אין יעדער הינזיכט; אין אלע פונקטען.
eve'rybody *n.* (עוו'-רי-באד-אי) איט-ליכער; יעדער איינער.
eve'ry-day *a.* (עוו'-רי-דיי) אל-טעגליך, פאר יעדען טאג.
eve'ry-day man (עוו'-רי-דיי מען) א געוועהנליכער מענש, א מענש פון א גאנץ יאהר.
eve'ryhow *adv.* (עוו'-רי-האו) אויף יע-דען אופן.
eve'ry jot of it (עוו'-רי דזשאט אוו איט) איינגאנצען, יעדעס פינטעלע.
eve'ry kind of (עוו'-רי קאינד אוו) יעדערליי, יעדער מין.
eve'ry moth'er's child (עוו'-רי מאטה'-ערז טשאילד) יעדער איינער; די גאנצע חברה.
eve'ry moth'er's son (עוו'-רי מאטה'-ערז סאן) יעדער איינער; די גאנ-צע חברה.
eve'ry now and then (עוו'-רי נאו ענד טהען) אלע ווייל.
eve'ry once in a while (עוו'-רי וואנס אין א הוואיל) יעדען אויגענבליק; אלע ווייל.
eve'ry one (עוו'-רי הוואן) יעדער איי-נער, איטליכער.
eve'ry oth'er (עוו'-רי אטה'-ער) איי-נער איבער דעם אנדערען [ווי א טאג איבער א טאג].
eve'ry oth'er day (עוו'-רי אטה'-ער דיי) א טאג איבער א טאג.
eve'ry soul (עוו'-רי סאול) יעדער איי-נער, איטליכער.
eve'rything *n.* (עוו'-רי-טהינג) יעדע זאך, דאס וויכטיגסטע; אלעס; א פולע, א סך.
eve'rywhen *adv.* (עוו'-רי-הווען) אין אלע צייטען.
eve'rywhere *adv.* (עוו'-רי-הוועהר) איבעראל, אומעדום.
evict' *v.* (אי-וויקט') [פון א דירה]; ארויסווארפען; אוועקנעהמען געריכטליך איי-נעמס בעזיץ; דערוווייטערען אדער ארויס-טרייבען מיט גוואלט.
The widow could not pay rent and was evicted by the landlord.
evic'tion *n.* (אי-וויק'-שאן) דאס ארויס-ווארפען [פון א דירה]; דאס אוועקנעה-מען געריכטליך איינעמס בעזיץ; דאס דערווייטערען אדער פערטרייבען מיט גוואלט.
evic'tor *n.* (אי-וויק'-טאר) איינער וואס ווארפט ארויס אימעצען פון א דירה; איינער וואס נעהמט געריכטליך צו אימע-צענס בעזיץ.
ev'idence *n.* and *v.* (עוו'-אי-דענס) אויגענשיינליכקייט; א בעוויז, א צייג-ניס; אן עדות; בעווייזען.
ev'idence aliun'de (עוו'-אי-דענס איי-לי-אנ'-די) בעווייזע פון אן אנדער קוואל [ווי למשל, פאקטען בנוגע צו א ירושה, וועלכע ווערען ניט דערמאנט אין דער צוואה].
ev'ident *a.* (עוו'-אי-דענט) אויגענשיינ-ליך, אפענבאר; וואס זעהט זיך קלאר ארויס.
eviden'tial *a.* (עוו-אי-דענ'-שעל) צייג-נענד, בעווייזענד.
eviden'tially *adv.* (עוו-אי-דענ'-שעל-אי) אויף א בעווייזענדען שטייגער.
ev'identness *n.* (עוו'-אי-דענט-נעס) אויגענשיינליכקייט, קלארקייט.

e'vil *a.* and *n.* (איוול) שלעכט, בייז, פערדארבען, זינדיג; שלעכטס, בייזקייט; אונגליק; א צרה; א שלאק, א פרעניות.
e'vil-affec'ted *a.* (אי'וול-ע-פעק'-טעד) מיט בייזע מחשבות; אונפריינדליך.
e'vil an'gel (אי'וול איינ'-דזשעל) א ביי-זער מלאך.
e'vil-bo'ding *a.* (אי'וול-באו'-דינג) וואס טראגט עפעס בייזעס; וואס זאגט אן אויף שלעכטס.
e'vil-disposed' *a.* (אי'וול-דיס-פאוזד') שלעכט-געזינט; בייזהאפט; גענייגט צו טהאן שלעכטס.
e'vil disposi'tion (איוול דיס-פא-זיש'-אן) א נייגונג צו טהאן שלעכטס.
e'vil-do'er *n.* (אי'וול-דוה'-ער) איינער וואס טהוט שלעכטס; א מחבל; א פער-ברעכער געגען מאראל און זיטליכקייט.
e'vil-eye *n.* (אי'וול-אי) א בייז-אויג, אן עין-הרע.
e'vil-eyed *a.* (אי'וול-איד) מיט א שלעכט-אויג; מיט קנאה.
e'vil ge'nius (איוול דזשי'-ני-אס) א בייזער גייסט.
e'villy *adv.* (אי'וול-אי) אויף א שלעכ-טען אדער בייזען שטייגער.
e'vil-min'ded *a.* (אי'וול-מאינ'-דעד) ז. *evil-disposed*.
e'vilness *n.* (אי'וול-נעס) בייזהייט, בייזארטיגקייט; שלעכטס.
e'vil-o'mened *a.* (אי'וול-או'-מענד) וואס צייגט אן אויף שלעכטס; אנווייזענד אויף עטוואס בייזעס.
e'vil-spea'king *n.* (אי'וול-ספיע'-קינג) פערליימדונג, לשון הרע, רכילות.
e'vil-wor'ker *n.* (אי'וול-הוואיר'-קער) ז. *evil-doer*.
evince' *v.* (אי-ווינס') אויפ-צייגען, אויפ-ווייזען; איבערצייגען, בעווייזען.
evince'ment *n.* (אי-ווינס'-מענט) דאס אויפצייגען, דאס בעווייזען.
evin'cingly *adv.* (אי-ווינ'-סינג-לי) דורך אויפווייזונג; אויף אן איבערצייי-גענדען שטייגער.
evis'cerate *v.* (אי-וויס'-ע-רייט) ארויס-נעהמען די גערעדים; בערויבען פון די וויכטיגסטע טיילען; אויפדעקען; אויס-לעדיגען.
evis'cerated *a.* (אי-וויס'-ע-ריי-טעד) אויסגעלעדיגט, אהן אינהאלט, אונבעדיי-טענד.
eviscera'tion *n.* (אי-וויס-ע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען די איינגעווייד; דאס אויסלעדיגען.
eviter'nal *a.* (עוו-אי-טויר'-נעל) וואס דויערט אונענדליך לאנג; אייביג.
eviter'nally *adv.* (עוו-אי-טויר'-נעל-אי) דורך אייביגקייט; לעולם ועד.
eviter'nity *n.* (עוו-אי-טויר'-ני-טי) אייביגקייט.
evoca'tion *n.* (עוו-א-קיי'-שאן) דאס ארויסרופען רוחות אדער געטער [ווי די אלטע רוימער פלעגען ארויסרופען דורך רעליגיעזע צערעמאניעס די געטער פון א בעלאגערטער שטאדט זיי זאלען צושטעהן צו די בעלאגערער]; דאס איבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנ-דערען.
evoke' *v.* (אי-וואוק') ארויסרופען [גייסטער אדער געטער]; אריבערטרא-גען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען.
ev'olute *n.* (עוו'-א-ליוט) אן עוואלוטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע וועלכע איז דער קרימונגס-מיטעלפונקט פון אן אנדער קרומער ליניע].
evolu'tion *n.* (עוו-א-ליו'-שאן) עוואלו-ציאן, ענטוויקלונג; די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא אדער פון קיים אין אן אר-גאניזם; די ענטוויקלונג פון חיות אדער פלאנצען פון נידריגע מינים צו העכערע; די ענטוויקלונג פון דער וועלט; אין מא-טעמאטיק — דאס ווארצעל-ארויסציהען פון א קוואדראטישער אדער קובישער צאהל א. ז. וו., צ. ב. 4 איז דער קוואדראטי-שער ווארצעל פון 16, 3 איז דער קובישער ווארצעל פון 27; א מאנעווער [ווי פון סאלדאטען, שיפען א. ד. ג.]; א פראדוקט [וואס האט זיך ענטוויקעלט אדער איז אויסגעוואקסען].
evolu'tionary *a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו עוואלוציאן; וואס געהערט צו ענטוויקלונג; וואס איז שייך צו א מאנעווער פון אן ארמעע אדער פלאטע א. ד. ג.
evolu'tionism *n.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איזם) די עוואלוציאנס אדער ענטוויק-לונגס-לעהרע [וועגען דער ענטוויקלונג פון חיות אדער וועגען דער ענטוויקלונג פון דער וועלט].
evolu'tionist *n.* and *a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון דער עוואַ-לוציאנס אדער ענטוויקלונגס-לעהרע; וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס-טעאריע.
evolutionis'tic *a.* (עוו-א-ליו-שאנ-איס'-טיק) וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס-טעאריע.
ev'olutive *a.* (עוו'-א-ליו-טיוו) ז. *evolutionary*.
evol'vable *a.* (אי-וואל'-וועבל) וואס קען זיך ענטוויקלען.
evolve' *v.* (אי-וואלוו') ענטוויקלען, פאנאנדערוויקלען; זיך פאנאנדערוויקלען; זיך ענטוויקלען.
evolve'ment *n.* (אי-וואלוו'-מענט) די ענטוויקלונג.
evol'vent *n.* (אי-וואל'-ווענט) אן עוואל-ווענטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע, וועלכע ווערט בעשריבען פון דעם ענד פון א גראדער ליניע וואס בעוועגט זיך ארום א קרייז].
evol'ver *n.* (אי-וואל'-ווער) איינער וואס וויקעלט פאנאנדער אדער וויקעלט אב.
evul'sion *n.* (אי-וואל'-שאן) דאס ארויסרייסען, דאס ארויסציהען מיט גוואלט.
ewe *n.* (יו) א שאף, א שעפס [א "זי" פון שאף].
ewe'-lamb *n.* (יו'-לעם) א לעמעלע, א קליין שעפעלע.
ewe'-neck *n.* (יו'-נעק) א האלז ווי פון א שעפס, דין און געבויגען אויף הינטען [וועגען פערד].
ewe'-necked *a.* (יו'-נעקט) וואס האט א דינעם געבויגענעם האלז.
ew'er *n.* (יו'-ער) א וואסער-קאן; א קרוג.
ew'ery *n.* (יו'-ער-אי) דאס צימער אין א [קעניגליכען] פאלאץ, וואו עס ווערט געהאלטען די טיש-געשיר.
ex *prep.* (עקס) אויסען; געוועזענעס.
He is an ex-Congressman.
exac'erbate *v.* (עג-זעס'-ער-בייט) ער-ביטערען, מאכען מעהר אויפגערעגט.
exacerba'tion *n.* (עג-זעס-ער-ביי'-שאן) די ערביטערונג, צורייצטקייט; דאס מאכען מעהר אויפגערעגט; די פערשטאר-קונג פון א קראנקהייט.

exacerbes'cence *n.* (עג-זעס-ער-בעס'-ענס) א פערגרעסערטע אויפרעגונג; די פערשטארקונג פון פיבער [קדחת].

exact' *a. and v.* (עג-זעקט') 1. פינקטליך, ריכטיג, אקוראט; 2. צווינגען צו צאהלען, ארויספרעסען געלד; 3. פאדערען רעכט, צווינגען צו אנערקענען דאס רעכט.
1. I do not know the exact time of my departure. 2. He exacted payment for his services. 3. The allies exacted severe terms from Turkey.

exac'ter *n.* (עג-זעק'-טער) ז. ***exactor***

exac'ting *a.* (עג-זעק'-טינג) וואס פאדערט זעהר פיעל; וואס פרעסט ארויס; פינקטליך, אקוראט.

exac'tingness *n.* (עג-זעק'-טינג-נעס) פינקטליכקייט; ריכטיגקייט; דאס ארויספרעסען; דאס פאדערען; דאס צווינגען.

exac'tion *n.* (עג-זעק'-שאן) די פאדערונג; דאס צווינגען צו בעצאהלען; די געלד-ארויספרעסונג; דאס וואס ווערט ארויסגעפרעסט; דאס וואס ווערט בעצאהלט מיט גוואלט; דאס נעהמען כאבאר, שוחד.

exac'titude *n.* (עג-זעק'-טי-טיוד) פינקטליכקייט, גענויאיגקייט.

exact'ly *adv.* (עג-זעקט'-לי) פינקטליך, גענוי.

exact'ness *n.* (עג-זעקט'-נעס) ז. ***exactitude***

exac'tor *n.* (עג-זעק'-טאר) איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען; א סבארשטשיק; איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען מעהר וויפיעל עס קומט; א הויט-שינדער, א בערויבער.

exact' sci'ences (עג-זעקט' סאי'-ענס-ען) די פינקטליכע וויסענשאפטען [די וויסענשאפטען וועלכע האבען צו טהאן מיט מאטעמאטישע קוואנטיטעטען, ווי פיזיק, כעמיע א. ד. ג.].

exag'gerate *v.* (עג-זעדזש'-ע-רייט) איבערטרייבען, פערגרעסערען, מגזם זיין.

exag'gerated *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טעד) איבערטריבען, גוזמא'דיג.

exag'geratedly *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טעד-לי) איבערטרייבענדיג, איבערכאפענדיג די מאס, בלשון גוזמא.

exag'geratingly *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טינג-לי) ז. ***exaggeratedly***

exaggera'tion *n.* (עג-זעדזש-ע-ריי'-שאן) די איבערטרייבונג, די פערגרעסערונג; דאס אריבערכאפען די מאס.

exag'gerative *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טיוו) וואס איבערטרייבט, וואס כאפט אריבער די מאס.

exag'geratively *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טיוו-לי) מיט איבערטרייבונג; בלשון גוזמא.

exag'gerator *n.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טאר) אן איבערטרייבער; א בעל-מגזם.

exag'geratory *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טא-רי) איבערטרייבענד, פערגרעסערענד, וואס איז אריבער דער מאס.

exalt' *v.* (עג-זאהלט') ערהויבען; אויפהויבען צו א הויכער מדרגה; לויבען, געבען א שבח.

exalta'do *n.* (עק-סאל-טא'-דאו) אן עקזאלטאדא, א מיטגליעד פון א שפאנישער פאליטישער פארטיי אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז געווען זעהר עקסטרעם אין איהר ראדיקאל-דעמאקראטישער פראגראם.

exalta'tion *n.* (עקס-אהל-טיי'-שאן) די אויפהויבונג, די ערהויבונג; עקזאלטאציאן, הויכע בעגייסטערונג.

exal'ted *a.* (עג-זאהל'-טעד) ערהויבען, הויך; מיט א הויכער בעגייסטערונג.

exal'tedness *n.* (עג-זאהל'-טעד-נעס) ערהאבענהייט, הויכקייט; דאס ווערען דערהויבט.

exal'ter *n.* (עג-זאהל'-טער) דער אדער דאס וואס לויבט אדער ערהויבט.

exam' *n.* (עג-זעם') אן אבקירצונג פון ***examination***

exa'men *n.* (עג-זיי'-מען) אן עקזאמען, א פערהער; אן אונטערזוכונג.

examina'tion *n.* (עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) דאס עקזאמינירען, דאס פערהערען; דאס ווערען עקזאמינירט אדער פערהערט; דאס אונטערזוכען, א נאכפארשונג.

examina'tionism *n.* (עג-זעמ-אי-ניי'-שאנ-איזם) דאס אורטיילען וועגען איינעמס קענטניסע אדער פעהיגקייטען דורך צופיעל עקזאמינירען אדער שטעלען פראגען.

examina'tion-pa'per *n.* (עג-זעמ-אי-ניי'-שאן-פיי'-פער) דאס פאפיער אויף וועלכען עס זיינען אבגעדרוקט די עקזאמינאציאנס-פראגען; א סעריע פון געשריבענע ענטפערען אויף די עקזאמינאציאנס-פראגען.

exam'ine *v.* (עג-זעמ'-אין) עקזאמענירען; אונטערזוכען, פערהערען.

examinee' *n.* (עג-זעמ-אי-ניע') איינער וועמען מען עקזאמינירט.

exam'iner *n.* (עג-זעמ'-אי-נער) אן עקזאמינירער; אן אונטערזוכונגס-ריכטער; א פערהערער.

exam'inership *n.* (עג-זעמ'-אי-נער-שיפ) דאס אמט פון אן עקזאמענירער.

exam'ining-commit'tee *n.* (עג-זעמ'-אי-נינג-קאמ-אי'-טי) דער עקזאמינאציאנס-קאמיטעט.

exam'ple *n. and v.* (עג-זעמ'פל) א ביישפיעל; א מוסטער; אן עקזעמפלאר; געבען א ביישפיעל אדער מוסטער.

exan'imate *a.* (עג-זענ'-אי-מייט) לעבענסלאז, טויט; מוטלאז, נידערגעשלאגען.

exanima'tion *n.* (עג-זענ-אי-מיי'-שאן) לעבענסלאזיגקייט, פער'חלש'טקייט; מוטלאזיגקייט, נידערגעשלאגענקייט.

ex an'imo (עקס ענ'-אי-מאו) פון גאנצען הארצען.

exan'them *n.* (עג-זענ'-טהעם) אן אויסשלאג אויף דער הויט, א הויט-קראנקהייט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; אן אנוואוקס אויף פלאנצען-בלעטער.

exanthe'ma *n.* (עק-סענ-טהי'-מא) אן אויסשלאג אויף דער הויט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.].

exanthemat'ic *a.* (עג-זענ-טהי-מעט'-איק) וואס איז עהנליך אדער וואס איז שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. ***exanthema***

exanthem'atous *a.* (עק-סענ-טהעמ'-ע-טאס) וואס איז עהנליך אדער שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. ***exanthema***

exanthe'sis *n.* (עק-סענ-טהי'-סיס) א הויט-אויסשלאג. ז. ***exanthema***

ex'arch *n.* (עקס'-ארק) אן עקזארך, א וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע, א הויכער קריסטליכער גייסטליכער.

ex'archate *n.* (עקס'-אר-קייט) עקזארכאט, דאס אמט אדער דער ראנג פון אן עקזארך [וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע]; די פראווינץ אונטער דער הערשאפט פון אן עקזארך.

exarteri'tis *n.* (עקס-אר-טע-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער אויסערליכער שיכט פון אן ארטעריע אדער שלאג-אדער.

exarthro'sis *n.* (עקס-אר-טהראו'-סיס) אן אויסלינקונג; דאס ארויסגעהן פון אן אבר פון זיין געלענק.

exartic'ulate *v. and a.* (עקס-אר-טיק'-יו-לייט) ארויסציהען פון געלענק, אויסלינקען, אבשניידען א גליעד ביים געלענק; אין זאאלאגיע — וואס האט ניט קיין געלענקען.

exarticula'tion *n.* (עקס-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) דאס אויסלינקען [פון אן אבר]; דאס אבשניידען א גליעד ביים געלענק; דאס ניט האבען קיין געלענקען.

exas'perate *n. and a.* (עג-זעס'-פע-רייט) דערצארנען, אויפרעגען, אויפרייצען; ערביטערען; פערשטארקערען [צארן אדער אויפגערעגטקייט]; פערשלימערען [א קראנקהייט]; אויפגעבראכט, דערצארענט; אין באטאניק — ניט גלאט, שארסטקע.

exas'perated *a.* (עג-זעס'-פע-ריי-טעד) פערביטערט, אויפגעבראכט, דערצארענט.

exas'perater *n.* (עג-זעס'-פע-ריי-טער) איינער וואס ברייננט אריין אין כעס אדער רייצט אויף.

exaspera'tion *n.* (עג-זעס-פע-ריי'-שאן) די ערביטערונג; גרויסער צארן; פערשטארקערונג [פון צארן, אויפגעבראכטקייט]; פערערגערונג [פון א קראנקהייט].

excandes'cence *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענס) ווייס-גלוט: גלוט, צארן.

excandes'cency *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענ-סי) ז. ***excandescence***

excandes'cent *a.* (עקס-קענ-דעס'-ענט) ווייס-גליהענד.

excar'nate *v. and a.* (עקס-קאר'-נייט) אראבנעהמען דאס פלייש, ארויסנעהמען אדער אבטיילען פון די פלייש-טיילען; בעפרייט פון פלייש, געמאכט אונקערפערליך.

excarna'tion *n.* (עקס-קאר-ניי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש; דאס זיין בעפרייט פון פלייש; דאס זיין אונקערפערליך; בעפרייאונג פון קערפער.

excar'nificate *v.* (עקס-קאר'-ני-פי-קייט) אראבנעהמען דאס פלייש.

excarnifica'tion *n.* (עקס-קאר-ני-פי-קיי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש.

ex cath'edra (עקס קעטה'-אי-דרא) מיט אויטאריטעט, בעפעהלעריש, וואס געהט אפיציעל ארויס פון פאפסט אדער בישאף.

excau'date *a.* (עקס-קאה'-דייט) וואס האבען ניט קיין עק [ווענען חיות].

ex'cavate *v. and a.* (עקס'-קע-ווייט) אויסגראבען, ארויסגראבען, ארויסנעהמען פון אינוועניג, אויסהוילען; אין זאאלאגיע — אויסגעהוילט, איינגעקארבט.

ex'cavated *a.* (עקס'-קע-וויי-טעד) אויסגעגראבען, אויסגעהוילט; אין זאאלאגיע — איינגעקארבט.

excava'tion *n.* (עקס-קע-וויי'-שאן) אויסהוילונג, אויסגראבונג.

ex'cavator *n.* (עקס'-קע-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס גראבט אויס אדער הוילט אויס; אן אויסגראבונגס־מאשין; אן אינסטרומענט מיט וועלכען א דענטיסט רייניגט אויס די פוילע טיילען פון דעם צאהן איידער ער פלאמבירט איהם.



Excavator

exceed' *v.* (עק-סיד') איבערטרעטען, געהן צו ווייט; איבערשטייגען, איבערטרעפען.

Goods are cheap when the supply exceeds the demand.

excee'der *n.* (עק-סיע'-דער) איינער וואס טרעט איבער, געהט צו ווייט אדער שטייגט איבער.

excee'ding *a.* (עק-סיע'-דינג) אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך; איבערטרעפענד; מערקווירדיג.

excee'dingly *adv.* (עק-סיע'-דינג-לי) אין א זעהר גרויסער מאס; זעהר פיעל; אויסערגעוועהנליך, אונגעהייער.

excel' *v.* (עק-סעל') איבערטרעפען, איבערשטייגען, זיך אויסצייכענען.

The Cossacks excel in horsemanship.

ex'cellence *n.* (עק'-סע-לענס) פארציגליכקייט, איבערטרעפליכקייט, אויסגעצייכענטקייט; דאס געפינען זיך אין א העכערען צושטאנד איידער אנדערע.

ex'cellency *n.* (עק'-סע-לען-סי) עקסעלענץ [א הויכער עהרען־טיטעל].

ex'cellent *a.* (עק'-סע-לענט) פארטרעפליך, אויסגעצייכענט.

ex'cellently *adv.* (עק'-סע-לענט-לי) אויף א פארטרעפליכען אופן.

excel'ling *a.* (עק-סעל'-אינג) אויסגעצייכענט.

excel'sior *a. and n.* (עק-סעל'-סי-אהר) העכער, אימער שטייגענדיג; א געוויסער זארט דינע האלץ־שפענער מיט וועלכע מען פאלסטערט שטוהלען און דיוואנעס.

excen'tric *a.* (עק-סענ'-טריק) ז. *eccentric*

excen'trically *adv.* (עק-סענ'-טרי-קעל-אי) ז. *eccentrically*

excentric'ity *n.* (עק-סען-טריס'-אי-טי) ז. *eccentricity*

except' *v., prep. and c.* (עק-סעפט') 1. אויסנעהמען, אויסשליסען; איינווענדען; 2. אויסגענומען, אויסער; סיידען, א חוץ.

1. The United States excepts none in its guarantees for liberty. 2. Except for the accident, we should have arrived in time.

excep'ting *prep. and c.* (עק-סעפ-טינג) אויסגענומען, אויסער; סיידען.

excep'tion *n.* (עק-סעפ'-שאן) אן אויסנאהמע, אן אויסשליסונג; א טאדעל, א פארוואורף, אן ערווידערונג; דאס ניט אנערקענען; אין געריכטס־פראצעסען — אן עקסעפציאן, אן ערקלערונג פון איינעם פון די שטרייטענדע צדדים, אז דורך געוויסע טעמים איז דער פראצעס אונגעזעצליך, אדער א פאדערונג פון איינעם אדער פון ביידע צדדים מען זאל אויסשליסען א ריכטער, אן עדות א. ד. ג.

excep'tionable *a.* (עק-סעפ'-שאן-עבל) געגען וואס מען קען ערווידערען אדער איינווענדען; וואס מען קען אויסשליסען.

excep'tionableness *n.* (עק-סעפ'-שאן-עבל-נעס) דאס קענען זיין אויסגעשלאסען; דאס קענען ארויסרופען א טאדעל אדער פארוואורף.

excep'tionably *adv.* (עק-סעפ'-שאן-ע-בלי) אויף אזא שטייגער, דאס מען קען טאדלען אדער מאכען א פארוואורף.

excep'tional *a.* (עק-סעפ'-שאן-על) אויסשליסליך; וואס מאכט אן אויסנאהמע.

exceptional'ity *n.* (עק-סעפ-שא-נעל'-אי-טי) אויסשליסליכקייט.

excep'tionally *adv.* (עק-סעפ'-שאן-על-אי) אויף אן אויסשליסליכען אדער אונגעוועהנליכען שטייגער.

excep'tionalness *n.* (עק-סעפ'-שאן-על-נעס) אויסשליסליכקייט; אן אונגעוועהנליכער כאראקטער אדער אייגענשאפט.

excep'tive *a.* (עק-סעפ'-טיוו) וואס מאכט אן אויסנאהמע; אויסשליסליך; וואס רופט ארויס טאדעל אדער פארוואורף.

except'less *a.* (עק-סעפט'-לעס) אהן אן אויסנאהמע; וואס מאכט ניט קיין אויסנאהמע.

excep'tor *n.* (עק-סעפ'-טאר) אן איינווענדער, אן ענטגעגנער.

excerpt' *v. and n.* (עק-סוירפט') אויסוועהלען, זאמלען; אן אויסוואהל, א זאמלונג; אן אויסצוג פון א ווערק.

excerp'tive *a.* (עק-סוירפ'-טיוו) וואס קלייבט אויס; וועהלענד.

excerp'tor *n.* (עק-סוירפ'-טאר) אן אויסוועהלער, א זאמלער.

excess' *n.* (עק-סעס') אן איבער־מאס, איבערפליסיגקייט; איבריגקייט, עפעס וואס בלייבט איבער.

exces'sive *a.* (עק-סעס'-איוו) איבערמעסיג.

exces'sively *adv.* (עק-סעס'-איוו-לי) איבער דער מאס.

exces'siveness *n.* (עק-סעס'-איוו-נעס) איבער־מעסיגקייט.

exchange' *v. and n.* (עקס-טשיינדזש') טוישען, אויסבייטען; א טויש, א בייט; דאס בייטען; דער געלד־פרייז, דער קורס, דער וועקסעל־פרייז; א בערזע.

exchangeabil'ity *n.* (עקס-טשיינ-דזשע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו ווערען אויסגעביטען.

exchan'geable *a.* (עקס-טשיינ'-דזשעבל) וואס קען אויסגעטוישט אדער אויסגעביטען ווערען.

exchange' blows (עקס-טשיינדזש' בלאוז) שלאגען זיך.

exchange'-bro'ker *n.* (עקס-טשיינדזש'-בראו'-קער) א מעקלער אויף דער בערזע; איינער וואס קויפט אויף און פארקויפט ווערטה־פאפיערען; א חלפן; איינער וואס בייט אויס גרויס אדער וועניג גאנגבאר געלד.

exchange' in read'y mon'ey (עקס-טשיינדזש' אין רעד'-אי מאנ'-אי) האנדלען אויף מזומן.

exchange' kiss'es (עקס-טשיינדזש' קיס'-עז) קושען זיך.

exchange' let'ters (עקס-טשיינדזש' לעט'-ערז) קארעספאנדירען, דורכשרייבען זיך מיט בריעף.

exchange'-of'fice *n.* (עקס'-טשיינדזש-אפ'-איס) א באנק אדער קאנטאר פון א חלפן.

exchan'ger *n.* (עקס-טשיינ'-דזשער) א וועקסלער, א חלפן.

exchange' shots (עקס-טשיינדזש' שאטס) שיסען איינער געגען דעם אנדערען.

exchequ'er *n.* (עקס-טשעק'-ער) די שאץ־קאמער, די קאזנאטשייסטווא; דאס פינאנץ־מיניסטעריום אין ענגלאנד.

exchequ'er bill (עקס-טשעק'-ער ביל) א קרעדיט־בילעט פון דער ענגלישער קאזנאטשייסטווא, וועלכע צאהלט דארויף א געוויסען פראצענט.

exchequ'er loan (עקס-טשעק'-ער לאון) א רעגיערונגס־הלואה.

exci'sable *a.* (עק-סאי'-זעבל) פאר וואס מען מוז צאהלען אקציז.

excise' *n. and v.* (עק-סאיז') אקציז־שטייער; די אקציז־פערוואלטונג; ארויפלעגען שטייער, בעשטייערען; אבשניידען.

excise'man *n.* (עק-סאיז'-מען) אן אקציז־איינגעהמער, אן אקציזניק.

excise'-of'fice *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס) אן אקציז קאנטאר; דאס אמט פון אן אקציזניק.

excise'-of'ficer *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס-ער) אן אקציזניק.

exci'sion *n.* (עק-סיזש'-אן) אויסשניידונג, פערשניידונג; דאס אבהאקען די פערבינדונגען.

excitabil'ity *n.* (עק-סאי-טע-ביל'-אי-טי) דאס אויפגערעגט ווערען; נערוועזיטעט, דאס זיין נערוועז.

exci'table *a.* (עק-סאי'-טעבל) וואס ווערט אויפגערעגט.

exci'tableness *n.* (עק-סאי'-טעבל-נעס) ז. *excitability*

excita'tion *n.* (עק-סי-טיי'-שאן) אויפרעגונג.

exci'tative *a.* (עק-סאי'-טע-טיוו) אויפרעגענד; וואס קען זיך אויפרעגען.

exci'tatory *a.* (עק-סאי'-טע-טא-רי) ז. *excitative*

excite' *v.* (עק-סאיט') אויפרעגען; ערוועקען; רייצען.

exci'tedly *adv.* (עק-סאי'-טעד-לי) אויף אן אויפגערעגטען אדער געריצטען אופן; אויף אן ערוועקענדען אופן.

excite'ment *n.* (עק-סאיט'-מענט) אויפרעגונג, אויפרייצונג, ערוועקונג; אויפגערייצטקייט; דאס זיין אויפגערעגט; עטוואס וואס רעגט אויף אדער רייצט אויף.

exci'ter *n.* (עק-סאי'-טער) אן אויפרעגער; אן אויפרייצער; א מעדיציניש מיטעל וואס רעגט אויף.

exci'ting *a.* (עק-סאי'-טינג) אויפרעגענד, רייצענד, ערוועקענד.

exci'tingly *adv.* (עק-סאי'-טינג-לי) אויפרעגענדיג, אויפרייצענדיג, ערוועקענדיג.

exci'tomotor *a.* (עק-סאי'-טאו-מאו-טאר) וואס פעראורזאכט אונווילקירליכע אדער אונבעוואוסטזיניגע מוסקעל־בעוועגונגען.

exci'tomotory *a.* (עק-סאי'-טאו-מאו-טא-רי) ז. *excitomotor*

exclaim' *v.* (עקס-קליים') אויסרופען, אויסשרייען.

exclai'mer *n.* (עקס-קליי'-מער) א

שרייער, איינער וואס רעדט מיט היץ און אויף א הויכען קול.

exclama'tion *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן) אן אויסרוף, אן אויסגעשריי; דאס אויסרופען אדער אויסשרייען.

exclama'tion-mark *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן-מארק) אן אויסרופונגס=צייכען [!].

exclama'tion-point *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן-פאינט) ז. *exclamation-mark*.

exclam'ative *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו) וואס ענטהאלט אן אויסגעשריי אדער אן אויסרוף; אויסשרייענד, אויסרופענד.

exclam'atively *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו-לי) אויף אן אויסשרייענדען אדער אויסרופענדען אופן.

exclam'atorily *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי-לי) ז. *exclamatively*.

exclam'atory *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי) אויסרופענד, אויסשרייענד; וואס געהערט צו אן אויסרוף; וואס ענטהאלט אן אויסרוף.

ex'clave *n.* (עקס'-קלעוו) א טייל פון א לאנד אדער פון א פראווינץ וועלכע איז אבגעטיילט פאר זיך.

exclude' *v.* (עקס-קלוד') אויסנעהמען, אויסשליסען.

exclu'der *n.* (עקס-קלו'-דער) איינער אדער עטוואס וואס שליסט אויס.

exclu'sion *n.* (עקס-קלו'-זשאן) אן אויסנאהמע, די אויסשליסונג; אין לאגיק — די בעציהונג פון צוויי בעגריפען וועלכע שליסען איינער דעם אנדערען אויס.

exclu'sionary *a.* (עקס-קלו'-זשאן-איי-רי) אויסשליסענד, וואס קען אויסשליסען.

Exclu'sion Bill (עקס-קלו'-זשאן ביל) דער געזעץ=פארשלאג אין ענגלאנד פון יאהר 1679 אויסצושליסען דעם דוכס פון יארק [יאקאב דעם צווייטען] פון דעם רעכט אויף דעם ענגלישען טהראן דערפאר ווייל ער איז געווען א קאטוילִיק.

exclu'sioner *n.* (עקס-קלו'-זשאן-ער) ז. *exclusionist*.

exclu'sionism *n.* (עקס-קלו'-זשאן-איזם) דאס זיין פאר אויסשליסונג אדער אויסנאהמען.

exclu'sionist *n.* (עקס-קלו'-זשאן-איסט) איינער וואס איז אדער שטימט פאר אויסשליסונג פון געוויסע רעכטען; איינער פון דער פארטיי אין ענגלאנד אין די צייטען פון קארל דעם צווייטען, וועלכע איז געווען דאפיר, אז מען זאל קארל'ס קאטוילישע יורשים אויסשליסען פון טהראן=רעכט.

exclu'sive *a.* *and* *n.* (עקס-קלו'-סיוו) אויסנעהמענד; אויסשליסענד; אויסשליסליך; עטוואס וואס שליסט אויס; איינער וואס בעגרענעצט זיין בעקאנטשאפט מיט איינִיגע אויסגעוועהלטע.

exclu'sively *adv.* (עקס-קלו'-סיוו-לי) אויסשליסליך, הויפטזעכליך; דורכאויס; מיט דער אויסשליסונג פון אלע אנדערע; מיט דער אויסנאהמע פון געוויסע טיילען.
He sells diamonds **exclusively.**

exclu'siveness *n.* (עקס-קלו'-סיוו-נעס) אויסשליסליכקייט; אויסגעשלאסענהייט.

exclu'sivism *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איזם) ז. *exclusiveness*.

exclu'sivist *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איסט) איינער וואס איז פאר אויסשליסונג.

exclu'sory *a.* (עקס-קלו'-סא-רי) אויסשליסענד, וואס שליסט אויס.

excoct' *v.* (עקס קאקט') אויסקאכען, אויסזידען.

excog'itate *v.* (עקס-קאדזש'-אי-טייט) אויסטראכטען, ערפינדען.

excogita'tion *n.* (עקס-קאדזש-אי-טיי'-שאן) אויסטראכטונג, ערפינדונג.

ex com'modo (עקס קאמ'-א-דאו) אין פרייער צייט; ניט איילענדיג זיך; געמיטליך.

excommu'nicable *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קעבל) וואס איז אונטערווארפען אונטער א פלוך אדער חרם פון קירך.

excommu'nicant *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קענט) איינער וואס איז געלעגט געווארען אין חרם פון דער קירך.

excommu'nicate *v., a.* *and* *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קייט) אויסשליסען פון קירך; אריינלעגען אין חרם; אויסשליסען פון א פעראיין; אויסגעשלאסען פון דער קירך; איינער וואס איז אויסגעשלאסען פון קירך.

excommunica'tion *n.* (עקס-קא-מיו-ני-קיי'-שאן) די אויסשליסונג פון קירך; א חרם.

excommu'nicator *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טאר) דער וואס לעגט אריין איסעצען אין חרם אדער שליסט איהם אויס פון קירך.

excommu'nicatory *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אדער פעראורזאכט די אויסשליסונג פון קירך.

ex conces'so (עקס קאנ-סעס'-או) לויט ווי עס איז צוגעגעבען געווארען.

exco'riable *a.* (עקס-קאו'-רי-עבל) וואס קען אבגעשיילט אדער אבגעשונדען ווערען.

exco'riate *v.* (עקס-קאו'-רי-אייט) 1. אבשינדען אדער אבשיילען די הויט; 2. רייבען א זייט, רייבען א מארדע [שטארק קריטיקירען].
2. The candidate issued an address **excoriating** his opponents.

excoria'tion *n.* (עקס-קאו-רי-איי'-שאן) דאס אבשינדען; דאס אבשיילען; דאס שינדען די הויט [שטארק קריטיקירען]; א צושפאלטענע הויט.

excor'ticate *v* (עקס-קאהר'-טי-קייט) אבשיילען די קארע פון א בוים.

excortica'tion *n.* (עקס-קאהר-טי-קיי'-שאן) די אבשיילונג פון דער קארע פון א בוים.

ex'crement *n.* (עקס'-קרי-מענט) עקסקרעמענטען, דרעק, טנוף, צאה.

excremen'tal *a.* (עקס-קרי-מענ'-טעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excremen'tary *a.* (עקס-קרי-מענ'-טע-רי) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excrementi'tial *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-על) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excrementi'tious *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-אס) וואס געהערט צו אדער וואס בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאה].

excres'cence *n.* (עקס-קרעס'-ענס) אן אויסוואוקס, אן אנוואוקס; אן איבערמאס, איבעריגקייט.

excres'cency *n.* (עקס-קרעס'-ענ-סי) ז. *excrescence*.

excres'cent *a.* (עקס-קרעס'-ענט) אויסוואקסענד אלס א צוואוואוקס.

excrescen'tial *a.* (עקס-קרע-סענ'-שעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א ציאוואוּקס.

excre'ta *n.* (עקס-קרי'-טא) עקסקרעמענטען, אבפאל פון קערפער, ווי שווייס און אורין.

excre'tal *a.* (עקס-קרי'-טעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו עקסקרעמענטען, ווי שווייס און אורין.

excrete' *v.* (עקס-קריט') אבריינִיגען, אבפיהרען, אויסלעדיגען.

ex'crete *n.* (עקס'-קריט) ז. *excretion*.

excre'tion *n.* (עקס-קרי'-שאן) די אבפיהרונג אדער אבריינִיגונג; דער אבפאל אדער אויסוואורף.

excre'tive *a.* (עקס-קרי'-טיוו) אבריינִיגענד, אבלעגענדיג, אבפיהרענד [ווי אן אבפיהרונגס=מיטעל].

ex'cretory *a.* *and* *n.* (עקס'-קרי-טא-רי) אבלעגענד, אבפיהרענד; דער אבפיהרונגס=ארגאן.

excru'ciable *a.* (עקס-קרוה'-שי-עבל) וועלכען מען קען פייניגען.

excru'ciate *v.* (עקס-קרוה'-שי-אייט) מאטערען, פייניגען.

excru'ciating *a.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג) פייניגענד, שמערצפאל, פול יסורים; מיט אן עקסטרעמער אנגעצויגענהייט; עקסטרעם.

excru'ciatingly *adv.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג-לי) דורך שטארקע יסורים אדער פיין; דורך צופיעל אנגעצויגענהייט; דורך עקסטרעמיטעט.

excrucia'tion *n.* (עקס-קרוה-שי-איי'-שאן) מאטערניס, קוואל, פיין, יסורים.

excul'pable *a.* (עקס-קאל'-פעבל) וואס קען רעכטגעפערטיגט אדער ענטשולדיגט ווערען.

excul'pate *v.* (עקס-קאל'-פייט) ענטשולדיגען, רעכטפערטיגען; דיענען אלס רעכטפערטיגונג אדער ענטשולדיגונג.

exculpa'tion *n.* (עקס-קאל-פיי'-שאן) ענטשולדיגונג, רעכטפערטיגונג.

excul'patory *a.* (עקס-קאל'-פע-טא-רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד.

excur'rent *a.* (עקס-קאר'-ענט) וואס לויפט ארויס; וואס שטארצט ארויס; וואס שלאגט זיך דורך.

excur'sion *n.* (עקס-קויר'-שאן) אן עקסקורסיאן, אן אויספאהר, א שפאציערפאהר, א לוסט=רייזע; א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט=רייזע; אן אבווייכונג, אן ענטפערנונג; א וואנדערונג.

excur'sional *a.* (עקס-קויר'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א שפאציער=פאהר אדער לוסט=רייזע; וואס איז שייך צו א וואנדערונג אדער דערווייטערונג.

excur'sionist *n.* (עקס-קויר'-שאנ-איסט) איינער פון א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט=רייזע.

excur'sion-train *n.* (עקס-קויר'-שאן-טריין) א ספעציעלער צוג וואס ווערט בעשטימט פאר א לוסט=רייזע פון איין ארט צום צווייטען.

excur'sive *a.* (עקס-קויר'-סיוו) וואנדערענד; אבווייכענד; אונבעשטענדיג.

excur'sively *adv.* (עקס-קויר'-סיוו-לי) אויף א וואנדערענדען אדער אונבעשטענדיגען שטייגער.

excur'siveness *n.* (עקס-קויר'-סיוו-נעס) אומוואנדערונג, אבווייכונג, אונבעשטענדיגקייט.

excur'sus *n.* (עקס-קויר'-סאס) דער עקסקורס, א פירוש אדער קאמענטאר וואס איז אריינגעשטעלט אין מיטען טעקסט פון א בוך צו ערקלערען געוויסע שטעלען פון דארטען; א דערווייטערונג פון פונקט, אן אבטרעטונג פון ענין.

excu'sable *a.* (עקס־קיו'־זעבל) פערצייהליך, וואס קען פערגעבען ווערען; וואס קען ענטשולדיגט ווערען.

excu'sableness *n.* (עקס־קיו'־זעבל־נעס) פערצייהליכקייט, פערגעבליכקייט, מחילה.

excu'sably *adv.* (עקס־קיו'־זע־בלי) אויף א פערצייהענדען שטייגער; אזוי, דאס מען קען מוחל זיין.

excu'satory *a.* (עקס־קיו'־זע־טא־רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד; וואס ענטהאלט אן ענטשולדיגונג.

excuse' *v.* (עקס־קיוז') ענטשולדיגען, מוחל זיין, שענקען, רעכטפערטיגען; בעפרייען פון א התחיבות.

excuse' *n.* (עקס־קיוס') ענטשולדיגונג, פערענטפערונג; רעכטפערטיגונג.

excuse'less *a.* (עקס־קיוס־לעס) אונפערצייהליך, אהן ענטשולדיגונג.

excu'ser *n.* (עקס־קיו'־זער) אן ענטשולדיגער.

excuss' *v.* (עקס־קאס') גענצעליך פערכאפען און פערהאלטען עפעס.

ex div. *ex dividendo* אבקירצונג פון אהן דיווידענד [וועגען געוויסע ווערטהפאפירען וואס ווערען געקויפט און פערקויפט אהן די דיווידענדען, וואס עס קומט אויף זיי].

ex'eat *n.* (עקס'־אי־עט) דער אורלויב אדער קאניקולעס אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען; דער אורלויב וואס א גלח בעקומט אויף א בעשטימטער צייט פון בישאף.

ex'ecrable *a.* (עק'־סי־קרעבל) אבשייליך; פאסקודנע.

ex'ecrably *adv.* (עק'־סי־קרעב־לי) אויף אן אבשייליכען אדער פערעכטליכען שטייגער.

ex'ecrate *v.* (עק'־סי־קרייט) פערפלוכטען; פיהלען אן עקעל אדער אבשייליכקייט צו עפעס.

execra'tion *n.* (עק־סי־קריי'־שאן) דאס שילטען, דאס פערפלוכען; א פערפלוכטע זאך.

ex'ecrative *a.* (עק'־סי־קריי־טיוו) שילטענד, פלוכענד.

ex'ecratively *adv.* (עק'־סי־קריי־טיוו־לי) אויף א שילטענדען אדער פלוכענדען שטייגער.

ex'ecratory *n. and a.* (עק'־סי־קריי־טא־רי) דער נוסח פון א פערפלוכונג; פערפלוכענד, פעראבשייענד.

ex'ecutable *a.* (עק'־סי־קיו־טעבל) אויספיהרבאר, וואס קען אויסגעפיהרט ווערען.

exec'utant *n.* (עג־זעק'־יו־טענט) דער וואס פיהרט אויס א געוויסע ארבייט; א מוזיקשפיעלער אדער זינגער.

ex'ecute *v.* (עק'־סי־קיוט) אויספיהרען, פערוואלטען; טהאן; הינריכטען, טויטען; שפיעלען מוזיק אדער זינגען.

ex'ecuter *n.* (עק'־סי־קיו־טער) איינער וואס פיהרט דורך א זאך.

execu'tion *n.* (עק־סי־קיו'־שאן) 1. די פערפערטיגונג, די אויספיהרונג, די פערריכטונג; די ווירקונג; 2. די הינריכטונג, דאס טויטען.

1. The execution of the plans was left to the manager. 2. The execution of the murderer will take place next week.

execu'tioner *n.* (עק־סי־קיו'־שאנ־ער) א שארפריכטער, א הענקער, א תליון.

exec'utive *a. and n.* (עג־זעק'־יו־טיוו) אויספיהרענד, ערפילענד; די בעאמטע וועלכע פיהרען אויס אדער ערפילען די געזעצע.

exec'utively *adv.* (עג־זעק'־יו־טיוו־לי) דורך אן אויספיהרענדער קראפט.

exec'utor *n.* (עג־זעק'־יו־טאר) איינער וואס טהוט אויף אדער פיהרט דורך אן אונטערנעהמונג; אן אפטרופוס, א פערזאן וואס ווערט ערנאנט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צוואה.

executo'rial *a.* (עג־זעק־יו־טאו'־רי־על) וואס איז שייך צו אן אפטרופוס אדער דעם מענשען וואס איז בעשטימט אויסצופיהרען די צוואה פון א געשטארבענעם.

exec'utorship *n.* (עג־זעק'־יו־טאר־שיפ) דאס אמט פון אן אפטרופוס אדער א פערזאן וואס ווערט געוועהלט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צוואה.

exec'utory *a.* (עג־זעק'־יו־טא־רי) וואס דארף ערפילט אדער אויסגעפיהרט ווערען; וואס ערפילט.

exec'utress *n.* (עג זעק'־יו־טרעס) ז. *executrix*.

exec'utrix *n.* (עג־זעק'־יו־טריקס) א פרויענצימער וואס ווערט ערנאנט צו ערפילען איינעמס פערלאנג אין א צוואה.

exe'dra *n.* (עק־סי'־דרא) אין דער אלטער גריכיש־רוימישער ארכיטעקטור — די עקסעדרא, א מין פלאטפארמע אויף דער פרייער לופט מיט איינע אדער עטליכע טרעפ, אויף וועלכע עס שטעהען שטוהלען און בענקלעך צום אברוהען און אונטערהאלטען זיך.

exege'sis *n.* (עק־סי־דזשי'־סיס) אן ערקלערונג, א ביאור אדער קריטישעס שטודיום פון א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט פון תנ"ך.

exege'sist *n.* (עק־סי־דזשי'־סיסט) ז. *exegetist*.

ex'egete *n.* (עק'־סי־דזשיט) אן ערקלערער פון ליטערארישע ווערק, איבערהויפט פון דער ביבעל.

exeget'ic *a. and n.* (עק־סי־דזשעט'־איק) ערקלערענד; אן ערקלערונג אדער קריטישעס שטודיום פון דער ביבעל; עקזעגעטיק, ביבעל־שטודיום.

exeget'ical *a.* (עק־סי־דזשעט'־אי־קעל) ערקלערענד, וואס מאכט א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ically *adv.* (עק־סי־דזשעט'־אי־קעל־אי) ערקלערענדיג, מאכענדיג א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ics *n.* (עק־סי־דזשעט'־איקס) עקזעגעטיק, ביבעל־פארשונג, ביבעל־שטודיום.

exege'tist *n.* (עק־סי־דזשי'־טיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט ביבעל־פארשונג אדער ביבעל־שטודיום.

exem'plar *n. and a.* (עג־זעמ'־פלער) א ביישפיעל, א מוסטער; אן אריגינאל; אן עקזעמפלאר [איינער פון א מין אדער פון אן אויסגאבע, ווי איין בוך א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו א מוסטער אדער ביישפיעל.

ex'emplarily *adv.* (עג'־זעמ־פליי־רי־לי) אויף א מוסטערהאפטען אופן; אויף אן אופן וואס קען דיענען פאר א ביישפיעל.

ex'emplariness *n.* (עג'־זעמ־פליי־רי־נעס) מוסטערהאפטיגקייט, עטוואס וואס קען דיענען אלס מוסטער אדער ביישפיעל.

exemplar'ity *n.* (עג־זעמ־פלער'־אי־טי) ז. *examplariness*.

ex'emplary *a.* (עג'־זעמ־פלע־רי) מוסטערהאפט; וואס איז ווערטה נאכצוטהאן.

exem'plifiable *a.* (עג־זעמ'־פלי־פאי־עבל) וואס קען ערקלערט ווערען דורך ביישפיעלען.

exemplifica'tion *n.* (עג־זעמ־פלי־פי־קיי'־שאן) די ערקלערונג דורך ביישפיעלען; עטוואס וואס דיענט אלס ביישפיעל אדער אילוסטראציאן; אן אבשריפט פון א דאקומענט וואס איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plified cop'y (עג־זעמ'־פלי־פאיד קאפ'־אי) א קאפיע פון א דאקומענט, וועלכע איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plifier *n.* (עג־זעמ'־פלי־פאי־ער) איינער וואס ערקלערט דורך א ביישפיעל.

exem'plify *v.* (עג־זעמ'־פלי־פאי) ערקלערען דורך ביישפיעלען; איבערשרייבען, קאפירען מיט דער בעשטעטיגונג פון א זיעגעל; איבערצייגען מיט א בעשטעטיגטער קאפיע.

exem'pli gra'tia (עג־זעמ'־פלאי גריי־שי־א) צום ביישפיעל; דורך א ביישפיעל; אלס א ביישפיעל.

exempt' *v., a. and n.* (עג־זעמפט') בעפרייען; ענטלאסען; אויסנעהמען; בעפרייט; פטור; איינער וואס איז בעפרייט פון א פפליכט.

exemp'tible *a.* (עג־זעמפ'־טיבל) וואס קען בעפרייט ווערען [פון א פפליכט].

exemp'tion *n.* (עג־זעמפ'־שאן) די בעפרייאונג [פון א פפליכט]; פרייהיים.

exentera'tion *n.* (עקס־ען־טע־ריי'־שאן) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד; דאס אויסקעהרען פון אינוועניג צום דרויסען; דאס אויפדעקען א סוד פון עפעס.

exequa'tur *n.* (עק־סי־קוויי'־טויר) אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון א דאקומענט אדער פון וועלכען עס איז רעכט; א שריפטליך צייגניס פון א קאנסול.

exe'quial *a.* (עק־סי'־קווי־על) וואס איז שייך צו טויטען־בעגרעבנים.

ex'ercisable *a.* (עק'־סער־סאי־זעבל) וואס קען איינגעאיבט אדער איינגעלערענט ווערען; וואס קען בענוצט ווערען.

ex'ercise *n. and v.* (עק'־סער־סאיז) איבונג, איינלערנונג; דאס געוועהנען זיך אין עפעס; קערפערליכע איבונג אדער בעוועגונג; אן אויפגאבע, א לעקציאן [עפעס צום איינלערנען]; דאס דאוונען, גאטעס־דיענסט; מושטירונג פון סאלדאטען; דאס בעשעפטיגען זיך; דאס ערפילען אדער פערוואלטען אן אמט; איבען, איינלערנען, איינ'חזר'ען; מושטירען סאלדאטען; בעשעפטיגען; פערוואלטען אן אמט; אנווענדען, געברויכען; מאכען קערפערליכע איבונגען.

ex'erciser *n.* (עק'־סער־סאי־זער) איינער וואס איבט אדער לערענט איין.

ex'ercisible *a.* (עק'־סער־סאי־זיבל) ז. *exercisable*.

ex'ercising ground (עק'־סער־סאי־זינג גראונד) א מושטיר־פלאץ פאר סאלדאטען.

exercita'tion *n.* (עג־זויר־סי־טיי'־שאן) דאס איבען, איבונג. ז. *exercise*.

exergue' *n.* (עג־זוירג') דאס לעדיגע שטיקעל פלאץ וואס בלייבט פון דער צייכנונג און די ווערטער אויף דער לינקער זייט פון א מטבע אדער מעדאל.

exert' *v.* (עג־זוירט') אנשטרענגען; אנ־

ווענדען; מאכען, ערפילען, ארויסברייננגען
exter'minator *n.* (עקס-טויר'-מי-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס פערניכטעט, פערטיליגט אדער ראטעט אויס.

exter'minatory *a.* (עקס-טויר'-מי-ניי-טא-רי) ז. ***exterminative***.

extern' *a. and n.* (עקס-טוירן') אויסערליך; פון דרויסען; אן עקסטערן, איינער וואס לערענט זיך אויסער דער שולע.

exter'nal *a. and n.* (עקס-טויר'-נעל) אויסערליך, אויסווערטיג; וואס קומט פון דרויסען; אויסלענדיש; אן אויסערליכער טייל; די אויסערליכע פארם, אן אויסערליכער מנהג אדער צערעמאניע.

exter'nal an'gles (עקס-טויר'-נעל ענגלז) אויסערליכע ווינקלען [אין א געאמעטרישער פיגור].

exter'nal crit'icism (עקס-טויר'-נעל

קריט'-אי-סיזם) דאס בעטראכטען א ווערק ניט לויט זיין אינהאלט, נאר לויט דער פארם ווי אזוי עס איז געשריבען געווארען; דאס בעטראכטען א ווערק מיט דעם ציעל צו געפינען גראמאטיקאלישע און סטיליסטישע פעהלערען.

externalisa'tion *n.* (עקס-טויר-נעל-אי-זיי'-שאַן) פערקערפערונג איז אן אויסערליכער פארם; מאטעריאליזירונג; דאס שטעלען א זאך אין די גרענעצען פון צייט און ארט.

exter'nalise *v.* (עקס-טויר'-נעל-איז) פערקערפערען, מאטעריאליזירען; שטעלען א זאך אין די גרענעצען פון צייט און ארט.

exter'nalism *n.* (עקס-טויר'-נעל-איזם) די איבערגעגעבענהייט צו די אויסערליכע פארמען אדער צערעמאניען; אין פילאזאפיע — דער פענאמענאליזם, די לעהרע, אז קיין אנדערע זאך אויסער די פענאמענען אדער די ערשיינונגען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, איז אין דער ווירקליכקייט ניטא.

external'ity *n.* (עקס-טויר-נעל'-אי-טי) דאס זיין אויסערליך, דאס געפינען זיך אין דרויסען; אין פילאזאפיע — דאס געפינען זיך אין רוים, יעדע זאך וואס געפינט זיך אויסער דעם בעגרייפענדען "איך"; אויסערלעכליכקייט; אן אויסערליכע פארם, א מנהג, א צערעמאניע; די איבערגעגעבענהייט צו דער אויסערליכער פארם; דאס האלטען מעהר פון דער פארם איידער פון דעם אינהאלט.

externaliza'tion *n.* (עקס-טויר-נעל-אי-זיי'-שאַן) ז. *externalisation*

exter'nalize *v.* (עקס-טויר'-נעל-איז) ז. *externalise*

exter'nally *adv* (עקס-טויר'-נעל-אי) פון דרויסען; בנוגע צו דער אויסערליכער זייט.

externiza'tion *n.* (עקס-טויר-ני-זיי'-שאַן) ז. *externalisation*

ex'tern mater'nity (עקס'-טוירן מע-טויר'-ני-טי) דאס ליגען אין קינפעט אין דער היים אונטער דער אויפזיכט פון א שפיטאל-דאקטאר.

exterrito'rial *a.* (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על) עקסטעריטאריעל, וואס איז ניט אונטערגעווארפען אונטער די געזעצען פון דעם לאנד, אין וועלכען די פערזאן אדער זאך געפינט זיך [ווענען די פארשטעהער פון א געוויסער מלוכה, וועלכע געפינען זיך אין א פרעמדען לאנד]. ז. *exterritoriality*

exterritorial'ity *n.* (עקס-טער-אי-טאו-רי-על'-אי-טי) עקסטעריטאריאליטעט, די געזעצליכע בעשטימונג אין די ציוויליזירטע לענדער, דורך וועלכער אפיציעלע פערטרעטער פון א פרעמדער מדינה, ווי א קעניג, א קאנסול א. ד. ג. ווערען בעטראכט ווי זיי וואלטען זיך געפונען אויף דער טעריטאריע פון זייער אייגענעם לאנד און דארפען זיך דאריבער בענוצען מיט דיזעלבע רעכטען און פריווילעגיעס וואס זיי האבען אין זייער אייגענעם לאנד. דאס געזעץ בעציהט זיך אויך אויף די פאמיליען און די וואהנונגען פון אזעלכע פערזאנען, אויף שיפען א. ד. ג.

exterrito'rial jurisdic'tion (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על דזשו-ריס-דיק'-שאַן) דאס רעכט פון א געוויסער מלוכה צו משפט'ען איהרע אונטערטהאנען אדער בירגער וואס וואהנען אין א פרעמדען לאנד לויט איהרע אייגענע געזעצען.

exterrito'rially *adv.* (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על-אי) אויף אן עקסטעריטאריאלען אופן. ז. *exterritoriality*

extinct' *a.* (עקס-טינקט') אויסגעלאשען; אויסגעשטארבען; אבגעשאפט.

extinc'teur *n.* (עקס-טינק'-טויר) ז. *extinguisher*

extinc'tion *n.* (עקס-טינק'-שאַן) די אויסלעשונג; דאס זיין אויסגעלאשען; די אבשאפונג; דאס מאכען א סוף; דאס אויפהערען צו עקזיסטירען.

extin'guish *v.* (עקס-טינ'-גוויש) אויסלעשען; אבשאפען, פערניכטען; פערפינסטערען; מאכען א סוף.

extin'guishable *a.* (עקס-טינ'-גוויש-עבל) וואס קען אויסגעלאשען אדער פערניכטעט ווערען.

extin'guisher *n.* (עקס-טינ'-גוויש-ער) אן אויסלעשער; א לעשהארן [צום לעשען פייער].

extin'guishment *n.* (עקס-טינ'-גוויש-מענט) ז. *extinction*

extir'pate *v.* (עק-סטויר'-פייט) אויסווארצלען, פערטיליגען, אויסראטען, פערניכטען, אבשאפען, פטור ווערען, פעריאגען.

extirpa'tion *n.* (עקס-טויר-פיי'-שאַן) אויסווארצלונג, פערטיליגונג, אויסראטונג, פערניכטונג, צושטערונג, אבשאפונג.

ex'tirpative *a.* (עקס'-טויר-פיי-טיוו) אויסווארצלענד, פערניכטענד, אבשאפענד, פערטיליגענד, אויסראטענד, צושטערענד.

ex'tirpator *n.* (עקס'-טויר-פיי-טאר) איינער וואס ווארצעלט אויס, צושטערט, פערניכטעט, ראטעט אויס אדער שאפט אב.

extir'patory *a.* (עקס-טויר'-פע-טא-רי) ז. *extirpative*

extol' *v.* (עקס-טאול') לויבען אין הימעל ארויין, ריהמען, דערהויבען.

extol'ler *n.* (עקס-טאו'-לער) איינער וואס לויבט אדער דערהויבט, א לויב-רעדנער, א שבחים-זינגער.

extor'sive *a.* (עקס-טאהר'-סיוו) אויספרעסענד, ארויסקריגענדיג דורך צוואנג.

extor'sively *adv.* (עקס-טאהר'-סיוו-לי) דורך אויספרעסונג, דורך צוואנג.

extort' *v.* (עקס-טאהרט') אויספרעסען, ארויסקריגען דורך צוואנג; קריגען אונגעזעצליך געלד, מתנות א. ד. ג. דורך דער מאכט פון אמט.

extor'ter *n.* (עקס-טאהר'-טער) ז. *extortioner*

extor'tion *n.* (עקס-טאהר'-שאַן) אויספרעסונג; הויט-שינדונג; דאס ארויסקריגען אונגעזעצליך געלד, מתנות א. ד. ג. דורך דער מאכט פון אמט; דאס וואס ווערט אויסגעפרעסט אדער ארויסגעקראגען דורך צוואנג.

extor'tionary *a.* (עקס-טאהר'-שאַ-נע-רי) אויספרעסענד, ארויסקריגענדיג עפעס דורך צוואנג.

extor'tionate *a.* (עקס-טאהר'-שאַנ-אייט) אויספרעסענד, הויט-שינדענד.

extor'tionately *adv.* (עקס-טאהר'-שאַנ-אייט-לי) דורך אויספרעסונג, אויף א הויט-שינדענדען אופן.

extor'tioner *n.* (עקס-טאהר'-שאַנ-ער) אן אויספרעסער; איינער וואס דריקט עפעס ארויס דורך צוואנג; א הויט-שינדער.

extor'tionist *n.* (עקס-טאהר'-שאַנ-איסט) ז. *extortioner*

ex'tra *a., n. and adv.* (עקס'-טרא) עקסטרא, אויסערגעוועהנליך, אויסעראָרדענטליך, וואס ווערט צוגעלעגט אדער צוגעגעבען; א צוגאב, א ביילאגע; א צייטונגס-אויסגאבע אדער איינצעלנע קאפיטלען וואס קומט ארויס אין דער ניט-געוועהנליכער צייט; אויף אן אויסערגעוועהנליכען שטייגער.

extract' *v.* (עקס-טרעקט') ארויסציהען, ארויסקריגען, ארויסנעהמען; ארויסקריגען דעם עסענץ אדער דעם תמצית, מאכען אן עקסטראקט; מאכען אויסציגע [פון א בוך אדער שריפט].

ex'tract *n.* (עקס'-טרעקט) אן עקסטראקט [דער אויסצוג, דער עסענץ, דער תמצית]; אן אויסצוג [פון ביכער אדער שריפטען].

extrac'table *a.* (עקס-טרעק'-טעבל) וואס קען ארויסגעצויגען ווערען; וואס מען קען ארויסנעהמען אדער ארויסקריגען.

extrac'tible *a.* (עקס-טרעק'-טיבל) ז. *extractable*

extrac'tion *n.* (עקס-טרעק'-שאַן) ארויסציהונג, דאס ארויסקריגען; דאס ארויסציהען דעם עסענץ אדער תמצית, דאס מאכען אן עקסטראקט; דאס מאכען אן אויסצוג [פון ביכער אדער שריפטען]; עקסטראקט, עסענץ, תמצית; אבשטאמונג.

extrac'tive *a.* (עקס-טרעק'-טיוו) וואס איז ארויסגעצויגען [אלס עקסטראקט]; ארויסציהענד, ארויסקריגענד דעם עסענץ אדער תמצית.

extrac'tor *n.* (עקס-טרעק'-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ציהט ארויס; אן אינסטרומענט ארויסצוציהען אדער ארויסצוקריגען עפעס.

extradi'table *a.* (עקס-טרע-דאי'-טעבל) וואס קען אויסגעליפערט ווערען פון איין לאנד אין צווייטען [ווענען מענשען וואס ווערען בעשולדיגט אין א פערברעכען].

ex'tradite *v.* (עקס'-טרע-דאיט) אויסליפערען צו אן אנדער שטאאט [איינעם וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען].

extradi'tion *n.* (עקס-טרע-דיש'-אַן) די אויסליפערונג, די ארויסגעבונג [צו אן אנדער שטאאט מענשען וואס ווערען בעשולדיגט אין א פערברעכען].

extradi'tion trea'ty (עקס-טרע-דיש'-אַן טריע'-טי) אן אויסליפערונגס-אבמאך [אן אבמאך צווישען צוויי שטאאטען, דורך וועלכען זיי פערפליכטען זיך אויסצוליפערען איינער צום צווייטען אנטלאפענע פערברעכער].

extra'dos *n.* (עקס-טריי'-דאס) אין ארכיטעקטור — דער אויסערליכער בויגן אדער געוועלב פון אן ארקע אדער א בראם.

extrado'tal *a.* (עקס-טרא-דאו'-טעל) וואס בעלאנגט אויסשליסליך דער פרוי און געהט ניט אריין אין נדן וואס ווערט געגעבען צום מאן [ווענען געוויסען אייגענטום פון א פרוי, ווי אמאל ביי אידען נכסי צאן ברזל].

extrafora'neous *a.* (עקס-טרא-פא-ריי'-ני-אס) וואס געפינט זיך אדער פאסירט אויסער'ן הויז.

extrage'neous *a.* (עקס-טרא-דזשי'-ני-אס) פרעמד, וואס בעלאנגט צום צווייטען געשלעכט אדער צו אן אנדער מין.

extrahaz'ardous *a.* (עקס-טרא-העז'-אר-דאס) אויסערגעוועהנליך ריזיקאליש [בנוגע צו געוויסע פארמען פון פערזיכערונג].

extrajudi'cial *a.* (עקס-טרא-דזשו-דיש'-על) אויסער-געריכטליך, איבער דער געוועהנליכער געריכטס-ארדנונג.

extrajudi'cially *adv.* (עקס-טרא-דזשו-דיש'-על-אי) אויף אן אויסער-געריכטליכען שטייגער; ניט לויט די רעגעלען פון געוועהנליכער געריכטס-פיהרונג.

extralog′ical *a.* (עקס-טרא-לאדזש׳-אי-קעל) אויסער לאגיק, וואס האט ניט קיין שייכות מיט די כללים פון לאגיק.

extralog′ically *adv.* (עקס-טרא-לאדזש׳-אי-קעל-אי) אויף אן אויסערלאגישן שטייגער; אויף אן אופן, וואס האט ניט קיין שייכות מיט די כללים פון לאגיק.

extramis′sion *n.* (עקס-טרא-מיש׳-אן) די ארויסשיקונג, דאס ארויסשיקן.

extramun′dane *a.* (עקס-טרא-מאנ׳-דיין) אויסערוועלטליך, וואס געפינט זיך איבער דער מאטעריעלער וועלט, אין די עולמות העליונות.

extramu′ral *a.* (עקס-טרא-מיו׳-רעל) אויסער די ווענד פון שטאדט, מחוץ לעיר.

extra′neous *a.* (עקס-טריי׳-ני-אס) פרעמד, אויסלענדיש; אויסערליך, אויסווערטיג.

extra′neously *adv.* (עקס-טריי׳-ני-אס-לי) פון דרויסן; פון דער פרעמד.

extra′neousness *n.* (עקס-טריי׳-ני-אס-נעס) פרעמדקייט, אויסערליכקייט.

ex′tra-offi′cial *a.* (עקס-טרא-א-פיש׳-על) אויסער די גרענעצן פון אפיציעלן אמט, רעכט א. ד. ג.

extraor′dinarily *adv.* (עקס-טרא-אהר׳-די-נע-רי-לי) אויף אן אויסערגעוועהנליכן שטייגער.

extraor′dinariness *n.* (עקס-טרא-אהר׳-די-נע-רי-נעס) אויסערארדענטליכקייט, זעלטענהייט, אונגעוועהנליכקייט.

extraor′dinary *a. and n.* (עקס-טרא-אהר׳-די-נע-רי) אויסערארדענטליך, זעלטן, אונגעוועהנליך; אויסערגעוועהנליכע אדער עקסטרענע קאסטען.

extraparo′chial *a.* (עקס-טרא-פיי-ראו׳-קי-על) וואס געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון א קירכען-בעצירק.

extraparo′chially *adv.* (עקס-טרא-פיי-ראו׳-קי-על-אי) געפינענדיג זיך אויסער די גרענעצן פון א קירכען-בעצירק.

extraphys′ical *a.* (עקס-טרא-פיז׳-אי-קעל) וואס ליעגט אויסער די גרענעצן פון פיזיק; איבערנאטירליך.

extraprofes′sional *a.* (עקס-טרא-פרא-פעש׳-אנ-על) וואס ליעגט אויסער די גרענעצן פון דער פראפעסיאן; וואס האט ניט קיין שייכות צו דער פראפעסיאן.

extraprovin′cial *a.* (עקס-טרא-פרא-ווינ׳-שעל) וואס ליעגט אויסער דעם בעצירק אדער דער פראווינץ.

extrareg′ular *a.* (עקס-טרא-רעג׳-יו-לער) וואס איז ניט אונטערגעווארפען אונטער קיין רעגעל, וואס איז ניט בעשרענקט מיט כללים.

extrareg′ularly *adv.* (עקס-טרא-רעג׳-יו-לאר-לי) אלס א יוצא מן הכלל; ניט שטימענדיג מיט דער רעגעל.

extrasen′sible *a. and n.* (עקס-טרא-סענ׳-סיבל) וואס איז ניט צוגענגליך אדער ניט ערגרייכבאר פאר די חושים; עטוואס וואס קען ניט געפיהלט ווערען מיט די חושים.

extraspec′tion *n.* (עקס-טרא-ספעק׳-שאן) אן אויסערליכע בעאבאכטונג.

extrastom′achal *a.* (עקס-טרא-סטאמ׳-עק-על) וואס ליעגט אויסער דעם מאגען.

extraterres′trial *a.* (עקס-טרא-טע-רעס׳-טרי-על) ז. *extramundane*

extraterrito′rial *a.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו׳-רי-על) ז. *exterritorial*

extraterritorial′ity *n.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו׳-רי-על׳-אי-טי) ז. *exterritoriality*

extraterrito′rially *adv.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו׳-רי-על-אי) ז. *exterritorially*

extratrop′ical *a.* (עקס-טרא-טראפ׳-אי-קעל) וואס געפינט זיך אויסער די טראפישע לענדער [צו נארד אדער צו זיד].

ex′tra-u′terine *a.* (עקס-טרא-יו׳-טע-ריין) וואס געפינט זיך אויסער דעם מוטער-לייב.

extrav′agance *n.* (עקס-טרעוו׳-ע-גענס) פערשווענדונג; איבערמאס; איבערטריבענהייט; איבערטריבענע העפטיגקייט; איבערטריבענהייט אין אויסדריקע; אונזיניגקייט, נארישקייט.

extrav′agant *a. and n.* (עקס-טרעוו׳-ע-גענט) פערשווענדעריש; עקסטראוואגאנט, איבערטריבען; איבער דער מאס; אונזיניג, נאריש; אן עקסצענטרישער מענש, איינער וואס ווייסט ניט קיין גרענעצן און קיין כללים אין זיינע האנדלונגען.

extrav′agantly *adv.* (עקס-טרעוו׳-ע-גענט-לי) אויף אן אונגעוועהנליכען אדער איבערטריבענעם אופן; אויף אן אונזיניגען אופן.

extrav′agantness *n.* (עקס-טרעוו׳-ע-גענט-נעס) ז. *extravagance*

extrav′agants *n.* (עקס-טרעוו׳-ע-גענטס) אין קירכליכער געזעצגעבונג — א צוגעגעבענער טייל פון פאפסטליכע פערארדנונגען; א בעזונדערע זאמלונג פון אידישע דינים און תקנות וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען צום סוף פון 2טען יאהרהונדערט.

extravagan′za *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ׳-זא) עטוואס שטארק איבערטריבענעס; א ווילדע, איבערטריבענע מוזיק-שטיק, פאעמא, דראמא א. ד. ג.; א בורלעסק.

extravagan′zist *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ׳-זיסט) א פערפאסער פון ווילדע איבערטריבענע זאכען, א בורלעסקען-שרייבער.

extrav′agate *v.* (עקס-טרעוו׳-ע-גייט) זיין איבערטריבען, איבערשרייטען אלע גרענעצען.

extravaga′tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-גיי׳-שאן) דאס זיין איבערטריבען, דאס איבערשרייטען אלע גרענעצען.

extrav′asate *v.* (עקס-טרעוו׳-ע-סייט) זיך ארויסגיסען, אויסלויפען, אויספליסען [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנדערע פליסיגקייטען פון קערפער].

extravasa′tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-סיי׳-שאן) די ארויסגיסונג אדער אויספליסונג [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנדערע פליסיגקייטען פון קערפער].

ex′tra-work *n.* (עקס׳-טרא-הווארק) עקסטרא-ארבייט.

extreme′ *a. and n.* (עקס-טרים׳) עקסטרעם, אויסערסט, העכסט, לעצט, אויסערארדענטליך, אונגעוועהנליך; דאס אויסערסטע; דאס לעצטע; דאס וואס געפינט זיך אויף׳ן ווייטסטען אדער העכסטען פונקט; דאס וואס קען ניט אריבערגעשטיגען ווערען; אין מאטעמאטיק — דער ערשטע אדער די לעצטע צאהל פון א פראפארציאן, ווי למשל, די צאהלען 6 און 12 פון דער פראפארציאן 12:4=18:6.

extreme′ degree′ (עקס-טרים׳ די-גריע׳) דער העכסטער גראד.

extreme′ly *adv.* (עקס-טרים׳-לי) ביז׳ן העכסטען גראד.

extreme′ neces′sity (עקס-טרים׳ נע-סעס׳-אי-טי) די דרינגענדע נויט.

extremes′ meet (עקס-טרימז׳ מיעט) עקסטרעמען בעריהרען זיך.

extreme′ unc′tion (עקס-טרים׳ אנק׳-שאן) די לעצטע אוילונג [א געוויסע רעליגיעזע צערעמאניע אין דער קאטוילישער קירך].

extre′mism *n.* (עקס-טרי׳-מיזם) די נייגונג צו עקסטרעמען אדער צו דערגעהן ביז׳ן לעצטען פונקט; דאס אננעהמען די לעצטע מיטלען; דאס האלטען זיך אן עקסטרעמע מיינונגען.

extre′mist *n.* (עקס-טרי׳-מיסט) איינער וואס איז גענייגט צו עקסטרעמען.

extrem′ity *n.* (עקס-טרעמ׳-אי-טי) אן ענדע, א גרענעץ; די העכסטע שטופע אדער ווייטסטער פונקט.

ex′tricable *a.* (עקס׳-טרי-קעבל) וואס מען קען אבפלאנטערען אדער פריי מאכען.

ex′tricably *adv.* (עקס׳-טרי-קע-בלי) אויספלאנטערענדיג.

ex′tricate *v.* (עקס׳-טרי-קייט) אבפלאנטערען, פריי מאכען.

extrica′tion *n.* (עקס-טרי-קיי׳-שאן) די אבפלאנטערונג אדער פריי-מאכונג.

extrin′sic *a.* (עקס-טרינ׳-סיק) אויסערליך, אויסווערטיג, פרעמד.

extrinsical′ity *n.* (עקס-טרינ-סי-קעל׳-אי-טי) די אויסערליכקייט; דאס זיין ניט שייך אדער ניט צוגעפאסט צו דער זאך.

extrin′sically *adv.* (עקס-טרינ׳-סי-קעל-אי) אויף אן אויסווערטיגען שטייגער; לויט דעם אויסערליכען אויסזעהן.

extrin′sicalness *n.* (עקס-טרינ׳-סי-קעל-נעס) אויסווערטיגקייט.

extrin′sicate *v.* (עקס-טרינ׳-סי-קייט) מאכען אויסווערטיג; צוגעבען אן אויסערליכען אויסזעהן.

extrinsica′tion *n.* (עקס-טרינ-סי-קיי׳-שאן) דאס מאכען אויסווערטיג; דאס צוגעבען אן אויסערליכע געשטאלט.

extror′sal *a.* (עקס-טראהר׳-סעל) ז. *extrorse*

extrorse′ *a.* (עקס-טראהרס׳) אין באטאניק — אויסגעקעהרט ארויס-צו [ביי א בלום, ווען דאס שטויב-ביימעל קעהרט זיך איבער צו דער זייט פון די בלעטלעך].



Extrorse Stamens

extrude′ *v.* (עקס-טרוהד׳) ארויסשטויסען, אוועקטרייבען.

extru′sion *n.* (עקס-טרוה׳-זשאן) די ארויסשטויסונג, די אוועקטרייבונג.

extru′sory *a.* (עקס-טרוה׳-סא-רי) וואס ווערט ארויסגעשטויסען, ארויסגעשטופט אדער ארויסגעטריבען.

exu′berance *n.* (עק-סיו׳-בע-רענס) פולקייט, איבערפליסיגקייט.

exu′berancy *n.* (עק-סיו׳-בע-רענ-סי) ז. *exuberance*

exu′berant *a.* (עק-סיו׳-בע-רענט) איבערפול, רייך; איבערפליסיג.

exu′berantly *adv.* (עק-סיו׳-בע-רענט-לי) דורך איבערפליסיגקייט.

exu′berate *v.* (עק-סיו׳-בע-רייט) זיין איבערפול אדער איבערפליסיג.

exu′date *n.* (עק-סיו׳-דייט) ז. *exudation*

exuda'tion *n.* (עק-סיו-דיי'-שאן) דאס אויסשוויצען; שוויים.

exu'dative *a.* (עק-סיו'-דיי-טיוו) וואס איז שייך צו שוויצען אדער שוויים.

exude' *v.* (עק-סיוד') שוויצען, אויס-שוויצען.

exul'cerate *v.* (עג-זאל'-סע-רייט) מא-כען א געשוויר; אנרייסען [ווי א גע-שוויר]; ערביטערען, דערצארענען.

exulcera'tion *n.* (עג-זאל-סע-ריי'-שאן) די אנרייסונג [פון א געשוויר]; די ער-ביטערונג, די דערצארנונג.

exul'cerative *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טיוו) ז. *exulceratory*

exul'ceratory *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טא-רי) וואס מאכט אן געשווירען.

exult' *v.* (עג-זאלט') זיך שטארק פרע-הען, שטראהלען פאר פרייד, טריאומפירען.

exul'tance *n.* (עק-זאל'-טענס) ז. *exultation*

exul'tancy *n.* (עק-זאל'-טענ-סי) ז. *exultation*

exul'tant *a.* (עג-זאל'-טענט) זיך פרע-הענד, שטראהלענד פאר פרייד, טריאומפי-רענד.

exulta'tion *n.* (עק-סאל-טיי'-שאן) א גרויסע פרייד, א טריאומף.

exul'tingly *adv.* (עג-זאל'-טינג-לי) אויף א טריאומפירענדען אופן; מיט גרויס פרייד.

exun'gulate *v.* (עג-זאנ'-גיו-לייט) אב-שניידען די נעגעל.

exungula'tion *n.* (עג-זאנ-גיו-ליי'-שאן) דאס ארומשניידען די נעגעל.

exus'tion *n.* (עג-זאס'-טשאן) די פער-ברענונג.

exuviabil'ity *n.* (עקס-יו-ווי-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ארבוואורפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פעדערען ביי פויגעל א. ד. ג.

exu'viable *a.* (עקס-יו'-ווי-עבל) וואס קען ארבגעווארפען ווערען [ווי די הויט פון שלאנגען, די פעדערען פון פויגעל א. ד. ג.].

exu'viæ *n.* (עקס-יו'-ווי-אי) די הויט, שאלאכץ, פעדערען א. ד. ג. וואס ווערען ארבגעווארפען פון געוויסע טהיערע [ווי די הויט פון א שלאנג, די פעדערען פון פויגעל, די שאלעכץ פון א ראק א. ד. ג.]; די הויט פון חיות, וועלכע ווערט אויף א קינסטליכען אופן פון זיי ארבגעשונדען.

exu'viate *v.* (עקס-יו'-ווי-אייט) אבשיי-לען אדער ארבווארפען, ווי הויט, פעדע-רען, האר, שאלאכץ א. ד. ג.

exuvia'tion *n.* (עקס-יו-ווי-איי'-שאן) דאס ארבווארפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פע-דערען ביי פויגעל א. ד. ג.

ey'as *n.* (אי'-עס) א יונגער האביכט אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל] וואס איז ארויסגענומען געווארען פון נעסט און אויפגעצויגען געווארען אין א הויז.

eye *n. and v.* (אי) אן אויג; א קוק; בעאב-אכטונג; אויפמערקזאמקייט; די זעהונגס-קראפט; אנזיכט; אנבליק; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן אויג, ווי א לאך, אן אויערעל פון א נאדעל, א קנאפע אדער א שפראץ-אויגעלע פון א פלאנצע א. ז. וו.; עטוואס וואס איז עהנליך צום אויג אלס א קוועלע פון ליכט און איינפלוס; קוקען; בעאבאכטען; בעטראכטען; מאכען א לע-כעל אין א נאדעל אדער אין אן אנדער געגענשטאנד.

eye'ball *n.* (אי'-באהל) דער אויג-אפעל.

eye'beam *n.* (אי'-ביעם) דער בליק, דער שטראהל פון אויג.

eye'-bolt *n.* (אי'-באולט) א מין פער-רוקער אדער שטאנג וואס האט א לאך אדער רינג אין איין ענד.

eye'bright *n.* (אי'-בראיט) די אויגען-טרויסט [א מין גראז, וואס מען פלעגט אמאל בענוצען אלס רפואה צו אויגען-ווערהטאג].

eye'-brighte'ning *a.* (אי'-בראיט-נינג) וואס מאכט קלאר אדער דייטליך.

eye'brow *n.* (אי'-בראו) די אויגען-ברעם [די ברעם איבער'ן אויג].

eyed *a.* (איד) אויגיג; מיט אויגען.

eye'-doc'tor *n.* (אי'-דאק'-טאר) אן אוי-גען-דאקטאר, אן אקוליסט.

eye'-drop *n.* (אי'-דראפ) א טרעהר.

eye'-end *n.* (אי'-ענד) דער ענד אדער עק פון א טעלעסקאפ, צו וועלכען עס לעגט זיך צו דאס אויג.

eye'-flap *n.* (אי'-פלעפ) איינער פון די לעדערנע קלאפען וואס שטארצען ארויס פון צוים ביי די זייטען פון א פערד'ס אויגען.

eye for eye (אי פאר אי) אן אויג פאר אן אויג [עין תחת עין].

eye'-glance *n.* (אי'-גלענס) א בליק.

eye'-glass *n.* (אי'-גלעס) א בריל, אן אויגען-גלאז.

eye'hole *n.* (אי'-האול) א לאך פאר דעם אויג [ווי אין א מאסקע, אין א טהיר א. ד. ג.]; א רונדע לאך.

eye'ing *n.* (אי'-אינג) דאס מאכען דאס לעכעל אין א נאדעל.

eye'lash *n.* (אי'-לעש) א וויהע, א ברעם [די האר וואס וואקסען אויף די ענדען פון די אויגען-לעדערלעך]; א האר פון א וויהע.

eye'-lens *n.* (אי'-לענז) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו.

eye'less *a.* (אי'-לעס) אהן אויגען, בלינד.

eye'let *n.* (אי'-לעט) א קליין רונד לעכעל; א רונדער קנאפ-לאך; א שלייפעל צום פער-קנעפעלען.

eyeleteer' *n.* (אי-לע-טיער') א קליינער שארפער אינסטרומענט צו מאכען רונדע קנאפ-לעכער.

eye'let-hole *n.* (אי'-לעט-האול) ז. *eyelet*

eye'leting-machine' *n.* (אי'-לעט-אינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען קנאפ-לעכער אין שיך.

eye'let-machine' *n.* (אי'-לעט-מע-שין') א מאשין וואס זוימט ארום קנאפ-לעכער אין צייג.

eye'let-rai'ser *n.* (אי'-לעט-ריי'-זער) אין וועשערייען אדער פראטשעשנעס — א האנד-אינסטרומענט מיט וועלכען מען הויבט אונטער און מען גלייכט אויס די קנאפ-לעכער פון א העמד אדער קלייד.

eye'let-set *n.* (אי'-לעט-סעט) א מין צווייננעגעל, מיט וועלכען מען האקט אויס קנאפ-לעכער אין א העמד אדער מאנטעל.

eye'lid *n.* (אי'-ליד) דאס אויגען-לעדעל.

eye offen'ding (אי א-פענ'-דינג) מפני מראית העין [וואס איז מיאוס פאר'ן אויג].

eye of heav'en (אי אוו העווען) דאס הימעל-אויג [די זון, די לבנה].

eye'-o'pener *n.* (אי'-או'פ-נער) עט-וואס וואס רייסט אויף די אויגען; עטוואס וואס מאכט שטוינען; א שטארקער טרונק בראנפען אדער ליקער.

eye'piece *n.* (אי'-פיעס) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו, וועלכע איז נאהנט צום אויג.

eye'-pit *n.* (אי'-פיט) דער ארביט פון אויג, דאס אויגען-לאך.

ey'er *n.* (אי'-ער) א בעקוקער, א בעאב-אכטער.

eye'-salve *n.* (אי'-סאוו) אן אויגען-זאלב.

eye'-ser'vant *n.* (אי'-סיר'-ווענט) א דיענער וואס טהוט זיין פפליכט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.

eye'-ser'ver *n.* (אי'-סויר'-ווער) ז. *eye-servant*

eye'-ser'vice *n.* (אי'-סויר'-וויס) דיענסט-ארבייט וועלכע איינער טהוט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.

eye'-shade *n.* (אי'-שייד) אן אויגען-שירם [א שירם וואס ווערט געטראגען אי-בער די אויגען צו שיצען זיי פון העלער ליכט].

eye'shot *n.* (אי'-שאט) א בליק, א קוק מיט'ן אויג.

eye'sight *n.* (אי'-סאיט) דאס זעהען פון אויג; די ראיה; דער חוש הראיה.

eyes of a ship (איז אוו ע שיפ) די פאדערשטע פענסטער [לוקען] פון א שיף.

eye'sore *n.* (אי'-סאור) א געשוויר אויף'ן אויג; א דארן אין אויג [עפעס וואס מען האסט צו זעהן].

eye'-splice *n.* (אי'-ספלאיס) א מין שלייף וואס מאטראזען מאכען אין א שטריק דורך צוזאמענקניפונג.

eye'-string *n.* (אי'-סטרינג) דער אויג-מוסקעל [דער מוסקעל וואס בעוועגט דאס אויג].

eye'-tooth *n.* (אי'-טוהטה) אן אויגען-צאהן [דער שפיציגער צאהן וואס געפינט זיך אין דער ריכטונג פון אויג, הינטער וועלכען עס פאנגען זיך אן די באקציינער].

eye'-wai'ter *n.* (אי'-הוויי'-טער) ז. *eye-servant*

eye'-wash *n.* (אי'-הוואש) אויגען-וואַ-סער [א מעדיצינישע פליסיגקייט צו וואַ-שען די אויגען].

eye'-wa'ter *n.* (אי'-הוואה'-טער) אוי-גען-וואסער [אזא מעדיצינישע פליסיגקייט צום וואשען די אויגען]; די פליסיגקייט וואס פילט אן דאס אויג.

eye'-wink *n.* (אי'-הווינק) א וואונק מיט'ן אויג.

eye'-win'ker *n.* (אי'-הווינ'-קער) ז. *eyelash*

eye'-wit'ness *n.* (אי'-הוויט'-נעס) אן אויגען-צייגע, אן עדות וואס האט עפעס געזעהן מיט זיינע אויגען.

ey'ot *n.* (אי'-אט) א גאנץ קליינער אינזעל.

ey'ra *n.* (אי'-רא) אזא זארט ווילדע קאץ וואס געפינט זיך אין זיד-אמעריקא [זי איז פון רויטליכען קאליר, האט א לאנ-גען קערפער, א לאנגען עק און קורצע פא-דערשטע פיס].

Eyra

eyre *n.* (עהר) א רייזע, א רונד-רייזע; א רונד-רייזע פון א געריכט אין אמאליגע צייטען.

F

F, f (עף) דער זעקסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

f. אין מוזיק — אן אבקירצונג פון *forte*

fa *n.* (פא) די מוזיקאלישע נאטע "פא".

F. A. A. אן אבקירצונג פון די ווערטער *free of all average* אן אויסדרוק, וואס ווערט געברויכט אין פערזיכערונג אויף שיפען און סחורות געשיקט דורך שיפען. ז. *average*.

faba'ceous *a.* (פע-ביי'-שיאס) אין באטאניק — עהנליך צו בעבלעך; אויף וואס עס וואקסען בעבלעך אדער באב-ארטיגע פרוכטען.

Fa'bian *a. and n.* (פיי'-בי-ען) פאביאניש, אבלעגענדיג, אויסמיידענדיג אן אפענעם קאמפף, אויסמאטערענד דעם געגנער דורך פערשיעדענע מאנעווערען [ווי די טאקטיק פון דעם אלט-רוימישען קריעגספיהרער קווינטוס פאביוס מאקסימוס אין זיין קאמפף געגען דעם קארטהאגענישען קריעגס-פיהרער האניבאל]; א פאביאנער, אן אנהענגער פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*.

Fa'bianism *n.* (פיי'-בי-ען-איזם) פאביאניזם, די פרינציפען פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*.

Fa'bianist *n.* (פיי'-בי-ען-איסט) א פאביאנער, א מיטגליעד פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*.

Fa'bian Soci'ety (פיי'-בי-ען סא-סאי'-ע-טי) די פאביאנישע געזעלשאפט [א סאציאליסטישער פעראיין, ארגאניזירט אין ענגלאנד אין יאהר 1884, וועלכער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פערשפרייטען די סאציאליסטישע פרינציפען דורך פריעדליכער פראפאגאנדא].

fa'ble *n. and v.* (פיי'בל) א פאבעל [א מעשה'לע מיט א מוסר השכל], א משל, אן אלעגאריע, א מעשה'לע; א לעגענדע; אן אויסגעטראכטע זאך; א ליגען; א פאבולא [די פאסירונג אדער פאסירונגען, וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך אין א פאעטישען אדער דראמאטישען ווערק]; איינער אדער עטוואס וועמען אדער וואס יעדער האלט אין מויל; שרייבען אדער דערצעהלען אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע זאכען; דערצעהלען ליגענס; אויסטראכטען, אויספאנטאזירען.

fa'bled *a.* (פייבלד) געריהמט אדער פארגעשטעלט אין פאבעלען, אין פאלקס-מעשה'לעך אדער פאלקס-לעגענדען; פאנטאסטיש [ווי אין א פאבעל אדער לעגענדע], לעגענדאריש.

fa'blemonger *n.* (פיי'בל-מאנ-גער) איינער וואס טראכט אויס אדער דערצעהלט נאך פאנטאסטישע אדער ניט-געשטויגענע זאכען.

fa'bler *n.* (פיי'-בלער) א שרייבער אדער דערצעהלער פון פאבעלען אדער פון פאנטאסטישע געשיכטען; א הענדלער מיט פאנטאסטישע געשיכטען; א ליגנער, א פעלשער.

fa'bling *n.* (פיי'-בלינג) דאס מאכען פאבעלען; א פאבעלהאפטע אדער פאנטאסטישע דיכטונג; פאבעלען [בכלל].

fab'ric *n.* (פעב'-ריק) געבוי, געביידע, געוועב, פאבריקאט [עטוואס וואס ווערט פראדוצירט, הויפטזיכליך פון געוועבטע שטאפען].

fab'ricant *n.* (פעב'-רי-קענט) א פאבריקאנט; איינער וואס פאבריצירט אדער פראדוצירט.

fab'ricate *v.* (פעב'-רי-קייט) פאבריצירען; פארמירען, פערפערטיגען, פראדוצירען; בויען; אויסטראכטען א ליגען; פעלשען.

fabrica'tion *n.* (פעב-רי-קיי'-שאן) פאבריצירונג; פארמירונג, פערפערטיגונג; דאס בויען אדער מאכען; דאס אויסטראכטען; דאס פעלשען אדער אבנארען; עטוואס וואס ווערט פאבריצירט, אויסגעטראכט אדער געפעלשט.

fab'ricator *n.* (פעב'-רי-קיי-טאר) א פאבריקאנט; א בויער; א פראדוצירער; אן אויסטראכטער; איינער וואס טראכט אויס ליגענס.

fab'ricatress *n.* (פעב'-רי-קיי-טרעס) א פאבריקאנטין; איינע וואס פאבריצירט, פראדוצירט, בויט אויף אדער טראכט אויס; איינע וואס טראכט אויס ליגענס.

fab'ricature *n.* (פעב'-רי-קע-טשור) פאבריקאציאן.

fab'ric lands (פעב'-ריק לענדז) לאנד-איינענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט מיט דעם צוועק, אז די הכנסה דערפון זאל געהן פאר'ן איבערבויען אדער פערריכטען קלויסטערס.

fab'ulise *v.* (פעב'-יו-לאיז) ז. *fabulize*.

fab'ulist *n.* (פעב'-יו-ליסט) א שרייבער פון פאבעלען; א שרייבער פון אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulize *v.* (פעב'-יו-לאיז) פערפאסען אדער דערצעהלען פאבעלען אדער אויסגעטראכטע, פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulous *a.* (פעב'-יו-לאס) פאבעלהאפט, אונגעהייער, ערשטוינענד, אונגלויבליך, לעגענדאריש, אויסגעטראכט, פאנטאסטיש; דערצעהלענדיג פאבעלען אדער ניט-געשטויגענע געשיכטעס; פערקאכט אין דערצעהלען פאנטאסטישע אדער ניט-געשטויגענע געשיכטעס.

fab'ulous age (פעב'-יו-לאס איידזש) די לעגענדארישע צייט.

fab'ulously *adv.* (פעב'-יו-לאס-לי) אויף א פאבעלהאפטען, ערשטוינענדען, אויסגעטראכטען, אונגלויבליכען אדער פאנטאסטישען שטייגער; אין א פאבעל אדער אויסגעטראכטער פאנטאסטישער געשיכטע.

fab'ulousness *n.* (פעב'-יו-לאס-נעס) פאבעלהאפטיגקייט; דאס זיין פאנטאסטיש אדער אויסגעטראכט.

façade' *n.* (פע-סאד') א פאסאדע, א פאדער-זייט [פון א געביידע].

face *n. and v.* (פייס) געזיכט; אנבליק, אויסזעהן, געזיכטס-אויסדרוק, מיענע; פערהאלטונג; מוטה, געוואגטקייט, אנגעזיכט; פאדערזייט, אויסערליכע זייט; ציפערבלאט; דער קאפ [פון א מטבע]; פלעכע, אויבערפלעכע; די פלאכע זייט פון א געאמעטרישען קערפער; די ווערטער פון א געזעצליכען דאקומענט גענומען אין זייער בוכשטעבליכען זין [הויכטזעכליך די ספעציעלע בעדינגונגען און די סומע געלד אין דיעזע דאקומענטען]; דער פאדערשטער ראנד פון א בוך; שטעהן פנים אל פנים, שטעהן מיט'ן געזיכט אדער מיט דער פאדערשטער זייט צו...; מוטיג בעגעגענען אדער זיך ענטגעגענשטעלען; בעדעקען מיט עפעס פון אויבען אדער פון פארענט, ארומלעגען, ארומנעהמען; זיך אומקעהרען מיט'ן געזיכט, זיך אומדרעהען [אין מיליטער]; שעדיגען, אברייבען די אויבערפלעכע.

face about' (פייס ע-באוט') זיך אומדרעהען; זיך איבערקוליען.

face a card (פייס ע קארד) איבערקעהרען א קארט [אין קארטען-שפיעל].

face'-ache *n.* (פייס'-אייק) געזיכטס-נויראלגיע [נערווען-שמערץ אין געזיכט].

face'-a'gue *n.* (פייס'-איי'-גיו) ז. *face-ache*.

face'-card *n.* (פייס'-קארד) א שפיעל-קארט מיט א פיגור [ווי קעניג, דאמע, אונטער].

face'-cloth *n.* (פייס'-קלאהטה) דער טוך, מיט וועלכען מען דעקט איבער דאס געזיכט פון א טויטען.

faced *a.* (פייסט) בעדעקט מיט עפעס פון אויבען, אבגעפאלירט, גלאט; בעדעקט פון פארענט [מיט אנדערע מאטעריאלען, ווי קליידער]; וואס האט א פיגור אויף זיך [וועגען שפיעל-קארטען]; אויסזעהענדיג.

face down (פייס דאון) ברייננגען אין פערלעגענהייט, פערשעמען אדער צונעהמען דעם מוטה דורך א שטרענגען אדער אנגעשטרענגטען בליק; מוטיג זיך ענטגעגענשטעלען; בעזיעגען אדער בעזייטיגען דורך מוטה און ווידערשטאנד.

face'-en'try *n.* (פייס'-ענ'-טרי) פרייער איינטריט [אין טעאטער].

face'-guard *n.* (פייס'-גארד) א צודעק אדער א מאסקע צו בעשיצען דאס פנים [ביים פעכטען, ביים אומגעהן ארום עקספלאדירענדע שטאפען א. ד. ג.].

face'less *a.* (פייס'-לעס) אהן א פנים; אונפערשעמט.

face'-ma'king *n.* (פייס'-מיי'-קינג) פריה ורביה.

face of affairs' (פייס אוו ע-פעהרז') די זאכלאגע; די סיטואציאן ווי זי זעהט אויס.

face of brass (פייס אוו ברעס) א קופערנער שטערן; פערשטאכענע אויגען.

face'-pain'ter *n.* (פייס'-פיינ'-טער) א פארטרעט-מאלער.

face'-pain'ting *n.* (פייס'-פיינ'-טינג) פארטרעט-מאלעריי; דאס פארבען דאס געזיכט.

face'-plan *n.* (פייס'-פלען) א פלאן אדער א צייכנונג פון דעם פאדערשטען טייל אדער הויפט-טייל פון א געביידע.

fa'cer *n.* (פיי'-סער) א קלאפ אין פנים, אן איבערראשענדער צוריקשטויס; א פולע גלאז וויין.

fac'et *n. and v.* (פעס'-עט) א קליינע פלעכע; פאצעטען [געשליפענע קליינע פלעכען ביי דימענטען, וועלכע ווערען געמאכט, אום צו פערגרעסערען זייער גלאנץ]; אויסשניידען פאצעטען [אויף דימענטען].

fac'eted *a.* (פעס'-עט-עד) פאצעטירט,

בעדעקט מיט געשליפענע קליינע פלעכען [וועגען דימענטען] ז. *facet*

face the mu'sic (פיים טהי מיו'-זיק) מוטיג זיך האלטען אין אן עת צרה; זיין גרייט פאר דעם ערגסטען.

face'tiæ *n.* (פע-סי'-שי-אי) וויצען, גלייכווערטלעך; ביכער מיט גראבע אדער אונאנשטענדיגע וויצען.

fac'eting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פאצעטירען [דימענטען]. ז. *facet*

face'tious *a.* (פע-סי'-שאס) לוסטיג, מונטער, וויציג, שפאסיג.

face'tiously *adv.* (פע-סי'-שאס-לי) אויף א מונטערען, לוסטיגען, וויציגען אדער שפאסיגען אופן.

face'tiousness *n.* (פע-סי'-שאס-נעס) לוסטיגקייט, מונטערקייט, וויציגקייט, שפאסיגקייט.

face to face (פיים טו פיים) פנים אל פנים; אונטער פיער אויגען.

fac'etted *a.* (פעס'-עט-עד) ז. *faceted*

fac'etting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פאצעטירען [דימענטען]. ז. *facet*

face'-val'ue *n.* (פיים'-וועל'-יו) די ווערטה פון ווערטה-פאפיערען, וועלכע איז אויף די פאפיערען אנגעגעבען.
The face-value of the bond is $50.

face'-wheel *n.* (פיים'-הוויעל) א קרוין-ראד. ז. *crown-wheel*

fa'cial *a.* (פיי'-שעל) וואס געהערט אדער וואס איז שייך צום געזיכט.

fa'cially *adv.* (פיי'-שעל-אי) אין בעצוג צום געזיכט; ווי א געזיכט; פנים אל פנים.

fa'cial vein (פיי'-שעל ווײן) דער גע-זיכטס-אדער, וועלכער ציהט זיך פון דעם ווינקעל צווישען די אויגען און גיסט זיך צונויף מיט דעם אדער ביים קיהנביין. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

fa'cies *n.* (פיי'-שי-איז) דאס געזיכט, דער פאדערשטער טייל, דער פאדערשטער טייל פון שארבען אדער פון קאפ; דאס אויסערליכע אויסזעהן, דער אויסערליכער געבוי; דאס אויסערליכע, אויבערפלעכליכע אדער אלגעמיינע אויסזעהן.

fac'ile *a.* (פעס'-איל) לייכט; בויגזאם, נאכגעביג; שנעל, געשיקט.

fac'ile prin'ceps (פעס'-אי-לי פרינ'-סעפס) געוויס דער ערשטער; אהן צווייפעל אנערקענט אלס דער ערשטער אדער בעסטער.

facil'itate *v.* (פע-סיל'-אי-טייט) פער-לייכטערען, גרינג מאכען.

facilita'tion *n.* (פע-סיל-אי-טיי'-שאן) די פערלייכטערונג, דאס גרינגער מאכען.

facil'ities *n.* (פע-סיל'-אי-טיז) בע-קוועמליכקייטען; פערלייכטערונגען; אין קאמערץ — דאס אבצאהלען פאר עפעס ניט מיט איין מאל, נאר אין עטליכע טערמינען.

facil'ity *n.* (פע-סיל'-אי-טי) לייכטיג-קייט; בויגזאמקייט; נאכגעבינקייט; מעג-ליכקייט.

fa'cing *n.* (פיי'-סינג) דאס וואס בעדעקט דעם פארענט אדער די אויבערשטע זייט צוליעב בעפוצונג אדער בעשיצונג; דער אויבערשלאג; די אבשלאגען אדער טאשמעס וואס ווערען אויפגענעהט אויף א קלייד; די אויסגעשניצטע שטיינערנע אדער הילצערנע פלאטען, וועלכע בעדעקען דעם פראנט פון א וואנד; דער אויבערשטער שיכט פון ערד, טארף אדער שטיינער מיט וועלכע מען לעגט אויס דעם דעק פון א קאנאל אדער דעם וואל, איבער וועלכען עס געהט אן אייזענבאהן, צו פערשטארקערען דעם גרונט; דאס צופאסען די עקען פון צוויי קלעצער, אז זיי זאלען זיך בעהעפטען איינער מיט'ן אנדערען; אין מושטירען סאלדאטען — דאס קעהרען זיך אויף'ן פוס לינקס און רעכטס; דאס ארומהאקען די אויבערשטע זייט פון א מיהל-שטיין.

fa'cingly *adv.* (פיי'-סינג-לי) מיט'ן פארענט געווענדעט צו...

facsim'ile *n.* and *a.* (פעק-סימ'-אי-לי) די פאקסימילע, א ריכטיגע קאפיע פון א האנדשריפט, א נאכבילדונג פון א שריפט; דאס נאכמאכען א האנדשריפט; וואס האט דעם כאראקטער פון א פאקסימילע, וואס איז א ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

facsim'ilist *n.* (פעק-סימ'-אי-ליסט) איינער וואס מאכט א פאקסימילע אדער ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

fact *n.* (פעקט) א פאקט, א טהאטזאך; דאס וואס איז ווירקליך געווען אדער וואס האט ווירקליך עקזיסטירט.

fac'tion *n.* (פעק'-שאן) צוויסטיגקייטען, מחלוקות אין א פארטיי; א פארטיי אין א פארטיי; א פארטיי וועלכע זוכט צו דערגרייכען איהרע אייגענע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צי וועט דאס ברייננגען אלעמען גוטעס אדער שאדען; א פארטיי אדער פערבאנד וואס שטעהט אין דער העפטיגסטער אפאזיציאן צו דער רעגיערונג אדער צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

fac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו צוויסטיגקייטען אדער מחלוקות אין א פארטיי.

fac'tionist *n.* (פעק'-שאנ-איסט) איינער וואס בילדעט א פארטיי אין א פארטיי.

fac'tious *a.* (פעק'-שאס) וואס רופט ארויס אן אפאזיציאן אין א פארטיי.

fac'tiously *adv.* (פעק'-שאס-לי) מא-כענדיג מחלוקות און צוויסטיגקייטען אין א פארטיי.

fac'tiousness *n.* (פעק'-שאס-נעס) דאס אויסבילדען א פארטיי אין א פארטיי.

facti'tious *a.* (פעק-טיש'-אס) קינסט-ליך, נאכגעמאכט.

facti'tiously *adv.* (פעק-טיש'-אס-לי) אויף א קינסטליכען, נאכגעמאכטען שטייגער.

facti'tiousness *n.* (פעק-טיש'-אס-נעס) דאס זיין קינסטליך אדער נאכגעמאכט.

fac'tor *n.* (פעק'-טאר) א פאקטאר, א גע-שעפטס-פיהרער; אן אגענט; אין מאטעמאטיק — איינע פון די צוויי אדער עטליכע צאהלען פון א כפל [ווי למשל, די צאהלען 3 און 6 פון כפל 18=3×6].

fac'torage *n.* (פעק'-טאר-איידזש) קור-טאזש, אן אגענט'ס געצאהלט, פאקטאר-געלד.

facto'rial *a.* (פעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פאבריק; אין מאטעמאטיק — וואס איז שייך צו די פאקטארען אדער צאהלען, וועלכע כפל'ען זיך איינע אויף די אנדערע.

fac'torship *n.* (פעק'-טאר-שיפ) פאק-טארשאפט, א שטעלע פון א געשעפטס-פיהרער.

fac'tory *n.* (פעק'-טא-רי) א פאבריק; מאנופאקטור; פאקטאריי.

fac'tory bill (פעק'-טא-רי ביל) דאס געזעץ [אין ענגלאנד] וואס פערבאט די איבערשטונדען-ארבייט פון קינדער אין די פאבריקען.

fac'tory price (פעק'-טא-רי פראים) דער פאבריק-פרייז.

facto'tum *n.* (פעק-טאו'-טאם) איינער וואס איז אנגעשטעלט צו טהאן אלע ארבייטען.

fac'ture *n.* (פעק'-טשור) א פאקטורע, דער חשבון וואס איין סוחר שיקט דעם אנדערען ביים אבשיקען איהם סחורות.

fac'ulæ *n.* (פעק'-יו-לי) העלע פלעקען אויף דער זון.

fac'ultative *a.* (פעק'-אל-טע-טיוו) פא-קולטאטיוו, פרייוויליג; וואס איז ניט קיין מוז; וואס מען קען טהאן ווי מען וויל.

fac'ultatively *adv.* (פעק'-אל-טע-טיוו-לי) אויף א פאקולטאטיווען אופן; לויט'ן ווילען; לויט דער אייגענער בחירה.

fac'ulty *n.* (פעק'-אל-טי) די פעהיגקייט, די קראפט, די גאבע, טאלאנט; דאס וואס איז געשאנקען געווארען; א פריווילעגיע, א לגאטע; א פאקולטעט [אין אוניווערזיטעט]; א פאך פון א וויסענשאפט.

fac'ulty of arts (פעק'-אל-טי אוו ארטז) דער פילאזאפישער פאקולטעט אין די אלטע אוניווערזיטעטען, וואו די סטודענטען פלעגען דורכגעהן די פאלגענדע וויסענשאפטען: גראמאטיק, לאגיק, רעטאריק, אריטמעטיק, געאמעטריע, אסטראנאמיע און מוזיק.

fac'ulty of law (פעק'-אל-טי אוו לאה) דער יורידישער פאקולטעט.

fac'ulty the'ory (פעק'-אל-טי טהי'-א-רי) אין פאליטישער עקאנאמיע — די טעאריע, אז שטייערען און צאהלונגען דארפען ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען איינעם לויט זיינע פעהיגקייטען און פערמעגליכקייט.

fad *n.* and *v.* (פעד) א קאפריז, א טירוף, א משוגעת; א מאדע; א קאפריזנער מענש; איינער, וועלכען מען קען ניט צופריעדען שטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט קלייניגקייטען; טהאן ניט דאס וואס איז וויכטיג.

fade *v.* and *a.* (פייד) וועלקען, וויאנען; אונטערגעהן; אנווערען ביסלעכווייז דעם גלאנץ, קראפט אדער פרישקייט; מאט, שוואך, ניט אינטערעסאנט.

fa'ded *a.* (פיי'-דעד) אנגעווארען די העלקייט; אבגעבלייכט; געווארען מאט [וועגען פארבען אדער קאלירען].

fade'less *a.* (פייד'-לעס) וואס ווערט ניט פערוועלקט אדער פערוויאנעט.

fade'lessly *adv.* (פייד'-לעס-לי) אזוי, דאס עס זאל ניט פערוועלקט אדער אבבלאקירט ווערען.

fa'ding *n.* and *a.* (פיי'-דינג) דאס פערוויאנען, דאס אנווערען דעם קאליר אדער פרישקייט; דער אונטערגאנג; וואס פערוויאנעט; וואס בלאקירט אב.

fa'dingness *n.* (פיי'-דינג-נעס) דאס אונטערגעהן, דאס פערוויאנען.

fæ'cal *a.* (פיע'-קעל) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען [צאה].

fæ'ces *n.* (פיע'-סיז) עקסקרעמענטען, צאה.

fag *v.* and *n.* (פעג) הארעווען איבער די כחות; טהאן שווערע הויז-ארבייט; פערמאטערט ווערען פון הארעוואניע; צווינגען איינעם צו טהאן שווערע ארבייט פאר אן אנדערען; פאנאנדערדרעהען, אבפלעכטען [ווי דעם עק פון א שטריק]; איינער וואס טהוט שווערע הויז-ארבייט; שווערע הארעוואניע; דאס פאנאנדערפלעכטען אן עק פון א שטריק; א פאנאנדערגעפלאכטענער עק פון א שטריק אדער קאנאט; אין זאאלאגיע — דער מינק [א מין

ביבער, וואס לעבט ביים ברעג פון ים אדער פון א טייך].

fag at one's books (פעג עט הוואנז בוקס) שוויצען איבער די ביכער.

fag'-end *n.* (פעג'-ענד) א קראמקע, א קראיקע [פון טוך]; בראק, אויסשוס; א פאנאנדערגעפלאכטענער עק פון א שטריק.

fagged out (פעגד אוט) אויף'ן העכסטען אופן אויסגעמאטערט.

fag'ging-sys'tem *n.* (פעג'-אינג-סיס'-טעם) די סיסטעם אין געוויסע ענגלישע שוהלען, אז א תלמיד פון די נידריגע קלאסען דארף בעדיענען אן עלטערען און דיעזער דארף איהם דערפאר פערטיידיגען אין פאל, ווען זיינע חברים פאלען אויף איהם אן און שלאגען איהם.

fag'got *v. and n.* (פעג'-אט) ז. *fagot*.

fag'ot *n. and v.* (פעג'-אט) א בינטעל ריטער אדער שטעקענס; טויט=שטראף דורך פערברענען לעבעדיגערהייט [דורך דעם בינטעל ריטער וואס מען פלעגט אונטערצינדען אונטער דעם פעראורטיילטען]; א צייכען פון א בינטעל ריטער, וואס אין מיטעלאלטער פלעגט א מענש, וועלכער האט בעלאנגט צו אן אפיקורס'ישער סעקטע און דערנאך חרטה געהאט און תשובה געטהאן, דארפען טראגען, כדי צו בעווייזען וואס פאר א שטראף דער מענש וואלט בעקומען ווען ער וואלט ניט חרטה געהאט אויף זיינע זינד; א בינטעל אייזערנע שטעקלעך; א בינטעל צוזאמענגעבונדענע פיש, וועלכע מען הענגט אויף צו טריקענען; א מענש וועלכען מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד אריינגעהמען אין דער ארמעע ניט אלס סאלדאט, נאר כדי די ארמעע זאל אויסווייזען גרעסער; צוזאמענבינדען אין איינעם.

fag'ot i'ron (פעג'-אט אי'-ערן) שטאבאייזען [אייזען געצויגען אין שטאנגען].

fagot'to *n.* (פע-גאט'-או) א פאגאט [אזא מוזיקאלישער בלאז=אינסטרומענט].

fag'ot-vote *n.* (פעג'-אט-וואוט) א שטרויענע וואהל=שטימע [די וואהל=שטימע פון מענשען, וועלכע מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד ארויסשטעלען אלס כלומר'שטיגע בעזיצער פון אייגענטום, וואס דאס פלעגט זיי געבען א רעכט צו שטימען פאר א געוויסען קאנדידאט אין פארלאמענט].

fag'ot-vo'ter *n.* (פעג'-אט-וואו'-טער) א שטרויענער וועהלער. ז. *fagot-vote*.

fag out (פעג אוט) — אין קריקעט=שפיעל כאפען דעם באל אדער אבשטעלען זיין לויף.

fahl'erz *n.* (פאל'-ערטס) דאס פאהלערץ [גרויער, רויהער קופער].

Fahr'enheit *a.* (פאר'-ען-האיט) פארענהייט'ס; וואס איז שייך צו פארענהייט'ס טערמאמעטער, וועלכער ווערט געברויכט אין ענגלאנד און אמעריקא [דיעזער טערמאמעטער צייכענט זיך אויס פון אנדערע דערמיט, וואס דער פרירונגס=פונקט פון וואסער איז אין איהם בעצייכענט ניט מיט 0, נאר מיט 32, און די צאהל פון גראדען פון דעם פרירונגס=פונקט ביז'ן זידע=פונקט איז 180, ד. ה. פון 32=טען ביז 212=טען גראד].

faience' *n.* (פא-יאנס') פאיאנס, פארצעליי.

faik *v. and n.* (פייק) ז. *fake*.

fail *v. and n.* (פייל) פערפעהלען; אויסבלייבען; זיך אירען; דורכפאלען; ניט דערגרייכען; ניט ערפילען [א התחיבות]; ניט טרעפען; ניט האלטען [ווארט]; פערזאמען; ניט געלינגען; מאכען באנקראט, אנזעצען; פערלאזען; שוואך ווערען; דאס פעהלען, דאס אויסענבלייבען; א מאנגעל; א דורכפאל; ניט געלונגענהייט.

fai'ling *n.* (פיי'-לינג) דאס פעהלען; דאס דורכפאלען; אונפאלקאמענהייט; שוואכקייט.

fail in health (פייל אין העלטה) זיין שוואך אין געזונד.

fail'ure *n.* (פייל'-יור) דאס פעהלען; דאס אויסענבלייבען; דאס אויסלאזען; דאס ניט טרעפען, א דורכפאל; דאס ניט געלינגען, דאס ניט האבען קיין ערפאלג; דאס ניט ערפילען; שוואכקייט, דאס שוואך ווערען; א פעהלער, א מאנגעל; באנקראט.

fail'ure of crops (פייל'-יור אוו קראפס) אן אונגערעטעניש.

fain *a. and v.* (פיין) מיט פרייד; גערן; מיט צופריעדענהייט; זיין צופריעדען, זיין דערפרעהט; וועלען, פערלאנגען; איינוויליגען געצוואונגענערהייט.

fai'neance *n.* (פיי'-נע-ענס) פוילקייט.

fainéant' *a. and n.* (פיי-ניי-אן') פויל, אונטהעטיג, אונטויגליך; א פוילענצער, א שטיק גארנישט.

fain'ness *n.* (פיינ'-נעס) צופריעדענהייט.

faint *a. and v.* (פיינט) שוואך, מאט; קראפטלאז; פויל; מוטלאז; שרעקעדיג; בלאס; פערליערען דעם מוטה; שוואך ווערען; פאלען אין אונמאכט אדער אין חלשות.

faint'-draw *v.* (פיינט'-דראה) שוואך צייכענען, אנדייטען.

faint'-hear'ted *a.* (פיינט'-האר'-טעד) קליינמוטיג, שרעקעדיג.

faint'-hear'tedly *adv.* (פיינט'-האר'-טעד-לי) אויף א קליינמוטיגען אדער שרעקעדיגען אופן.

faint'-hear'tedness *n.* (פיינט'-האר'-טעד-נעס) קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

fain'ting *n.* (פיינ'-טינג) אונמאכט, חלשות.

fain'tish *a.* (פיינ'-טיש) עטוואס שוואך, מאט.

fain'tishness *n.* (פיינ'-טיש-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; איבעלקייט, ניט=גוטקייט.

faint'ly *adv.* (פיינט'-לי) שוואכליך, שרעקעדיג; אהן ענערגיע, אהן מוטה.

faint'ness *n.* (פיינט'-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

faints *n.* (פיינטס) דער שוואכער און אונריינער ספירט, וואס טיילט זיך אב ביים דיסטילירען בראנפען.

fair *a.. adv., n. and v.* (פעהר) אפען, אויפריכטיג, עהרליך; גערעכט; ריכטיג; אונפארטייאיש; פאסענד, אננעהמבאר; שעהן; העל, קלאר, אהן וואלקענס; דייטליך, זויבער, ריין גוט, גינסטיג; זאנפט; אנגענעהם; א שעהנהייט; א יאהרמארק, א יריד; א באזאר [אן אויסשטעלונג פון ארטיקלען צו פערקויפען פאר א געזעלשאפטליכען צוועק]; מאכען שעהן; צורעכט מאכען; אויפהערען רעגענען, זיך אויסלייטערען.

fair and soft'ly (פעהר ענד סאפט'-לי) שטיל און געלאסען.

fair and square (פעיר ענד סקהוועהר) פאלקאמען עהרליך; גאנץ אפען און אהן פערשטעלטקייט.

fair befall' you (פעהר בי-פאהל' יו) גאט זאל אייך מצליח זיין.

fair chance (פעהר טשענס) א גינסטיגע געלעגענהייט; א גינסטיגע אויסזיכט אויף עפעס.

fair'-condi'tioned *a.* (פעהר'-קאנ-דיש'-אנד) וואס איז אין גוטע בעדינגונגען.

fair cop'y (פעהר קאפ'-אי) א ריין=איבערגעשריבענע שריפט.

fair'-dea'ler *n.* (פעהר'-דיע'-לער) א סוחר וואס האנדעלט אויף א יריד.

fair field (פעהר פיעלד) א גוטע געלעגענהייט פאר טהעטיגקייט.

fair'-ground *n.* (פעהר'-גראונד) א פלאץ וואו עס ווערט געמאכט א באזאר [אן אויסשטעלונג, הויפטזעכליך פון אגריקולטור=ארטיקלען].

fair'-haired *a.* (פעהר'-העהרד) וואס האט בלאנדע האר.

fair'-hand *a.* (פעהר'-הענד) אימפאזאנט, וואס זעהט אוים ערהאבען.

fair'ily *adv.* (פעהר'-אי-לי) אויף א צויבערהאפטען, פאנטאסטישען אופן.

fair'ing *n.* (פעהר'-אינג) א מתנה פון יריד; א גאסטינעץ.

fair'ish *a.* (פעהר'-איש) גאנץ פיין, גאנץ גוט.

fair'ly *adv.* (פעהר'-לי) אויף אן אנשטענדיגען, פיינעם אופן; פיין, ערעל, עהרליך, בכבוד'יג; פול, גאנץ, קלאר; אויסגעצייכענט; קלוג; אבסאלוט, זיכער, נעווים, ריכטיג, פינקטליך, אקוראט.

fair'-min'ded *a.* (פעהר'-מאינ'-דעד) מיט אן עהרליכער אורטיילונג; קארעקט; אויפריכטיג.

fair'-min'dedness *n.* (פעהר'-מאינ'-דעד-נעס) דאס זיין אויפריכטיג, עהרליך; דאס אורטיילען עהרליך, אהן נשיאות פנים.

fair'ness *n.* (פעהר'-נעס) שעהנקייט, ריינקייט, עהרליכקייט, אפענהערציגקייט, פריינדליכקייט, אנשטענדיגקייט, אונפארטייליכקייט.

fair play (פעהר פליי) אן עהרליכע בעהאנדלונג געגענאיבער א געגנער; אונפארטייאישקייט, עהרליכקייט, דאס געבען א גלייכע געלעגענהייט [א געגנער].

fair pro ra'ta (פעהר פראו ריי'-טא) א גלייכמעסיגע פערטיילונג.

fair rea'der! (פעהר ריע'-דער) ליעבע לעזערין!

fair'-see'ming *a.* (פעהר'-סיע'-מינג) וואס ווייזט אוים עהרליך, פיין, קארעקט.

fair sex (פעהר סעקס) דאס שעהנע געשלעכט, דאס פרויען=געשלעכט.

fair'-spo'ken *a.* (פעהר'-ספאו'-קן) ריכטיג גערעדט; מיט א שעהנעם אויסדרוק; שמייכלענד.

fair'-time *n.* (פעהר'-טאים) יריד=צייט.

fair to mid'dling (פעהר טו מיד'-לינג) מיטעלמעסיג; ניט גאר שלעכט, אבער אויך ניט זעהר גוט.

fair'-tongue *n.* (פעהר'-טאנג) א חונף.

fair'-town *n.* (פעהר'-טאון) א מארקשטאדט; א שטאדט, וואו דארטען איז א יריד אדער א מארק.

fair'way *n.* (פעהר'-הוויי) דער טייל פון א טייך אדער קאנאל, וואו שיפען קענען געהען.

fair'-weath'er *a.* (פעהר'-הוועטה'-ער) וואס איז צוגעפאסט אדער וואס קען עקזיסטירען נור אין א שעהנעם אדער גוטען וועטער; וואס קען עקזיסטירען נור ביי גוטע אומשטענדען; וואס קען ניט אריבערטראגען קיין שלעכטע לאגע.

fair'-weath'er friends (פעהר'-

הוועטה'-ער פרענדז) גוטע פריינד כל זמן דאס רעדעלע דרעהט זיך.

fair'-weath'er sai'lors (פעהר'-הוועטה'-ער סיי'-לארז) מאטראזען וואס ארבייטען שלעכט.

fair wind (פעהר הווינד) א גינסטיגער ווינד [פאר א זעגעל־שיף].

fair'y *n. and a.* (פעהר'-אי) א פעע [אין די לעגענדען פון פערשיעדענע פעלקער — א פאנטאסטישע שעהנע פרוי, וועלכע בעווייזט זיך צו מענשען אין געוויסע מאמענטען, אננעהמענדיג פערשיעדענע געשטאלטען]; וואס איז שייך צו די פעען; עהנליך צו א פעע; שעהן, גראציעז.

fair'y cir'cles (פעהר'-אי סוירקלז) ז. *fairy rings*.

fair'y dance (פעהר'-אי דענס) פעען־טאנץ. ז. *fairy rings*.

fair'yism *n.* (פעהר'-אי-איזם) פעען־עהנליכקייט; דער גלויבען אין פעען; א פעען־געשיכטע, א פאנטאסטישע געשיכטע; לעגענדען וועגען פעען.

fair'y-land *n.* (פעהר'-אי-לענד) דאס פעענלאנד, דאס צויבערלאנד.

fair'ylike *a.* (פעהר'-אי-לאיק) ווי א פעע.

fair'y-queen *n.* (פעהר'-אי-קהוויען) די פעען־קעניגין.

fair'y rings (פעהר'-אי רינגז) פעען־רינגען אדער פעען־טאנץ [דאס ארויסשפראצען פון געוויסע שוועמלעך אויף די פעלדער און לאנקעס. זיי שפראצען ארויס אפט אין איין נאכט אין דער פארם פון רינגען אדער קרייזלעך און ווייל זיי ערשיינען גאנץ אונערווארטעט, הערשט אין פאלק א גלויבען, אז זיי קומען ארויס דארטען, וואו פעען און רוסאלקעס האבען געטאנצט].

fair'y sparks (פעהר'-אי ספארקס) פעען־פונקען [די פאספארישע שיין וואס קומט פון פוילענדע שטאפען].

fair'y-tale *n.* (פעהר'-אי-טייל) א צויבער־מעשה.

fait accompli' (פייט ע-קאהנ-פלי') אן אבגעטהאנענע זאך.

faith *n.* (פייטה) א גלויבען; אמונה; נאמנות; טרייהייט; עהרליכקייט.

faith'-cure *n.* (פייטה'-קיור) דאס היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'-cur'er *n.* (פייטה'-קיור'-ער) איינער וואס היילט קראנקהייטען אדער וואס גלויבט אז מען קען היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'ful *a. and n.* (פייטה'-פול) טריי, געטריי; גלויבענסווערטה; עהרליך; לאיאל; א טרייער, איבערגעגעבענער מענש.

faith'fully *adv.* (פייטה'-פול-אי) 1. אויף א טרויענסווערטהען, געטרייען שטייגער; 2. מיט טרייהייט, מיט איבערגעבענהייט.

1. I shall carry out your order **faithfully.**
2. **Faithfully** yours, John Alden.

faith'ful mem'ory (פייטה'-פול מעמ'-א-רי) א טרייע געדעכנים.

faith'fulness *n.* (פייטה'-פול-נעס) טרייהייט, געטרייהייט; עהרליכקייט; לאיאליטעט; בעשטענדינקייט.

faith'ful transla'tion (פייטה'-פול טרענס-ליי'-שאן) א גענויע, ריכטיגע איבערזעצונג.

faith'-hea'ler *n.* (פייטה'-היע'-לער) ז. *faith-curer*.

faith'-hea'ling *n.* (פייטה'-היע'-לינג) ז. *faith-cure*.

faith'less *a.* (פייטה'-לעס) אהן אמונה, אונגלויביג; טריילאז, אונטריי.

faith'lessly *adv.* (פייטה'-לעס-לי) דורך אונטרייהייט; אויף אן אונלאיאלען שטייגער.

faith'lessness *n.* (פייטה'-לעס-נעס) אונטרייהייט, טרייטלאזינקייט.

faix *int.* (פייקס) אויף מיינע נאמנות!

fake *n. and v.* (פייק) איינע פון די רינגען פון א רונד־צונויפגעוויקעלטען שטריק; א שווינדעל, א פאלשקייט; א נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע זאך; אויסטראכטען עפעס; גנב'ענען; פעלשען נייעס.



Fake

fakeer' *n.* (פע-קיער') ז. *fakir*.

fake'ment *n.* (פייק'-מענט) שווינדעל, פעלשונג.

fa'ker *n.* (פיי'-קער) א שווינדלער, א פעלשער.

fake up (פייק אפ) צושטוקעווען.

fakir' *n.* (פע-קיר') דער פאקיר [א בעטלער־מאנאך אין אינדיען]; א בודיסטישער פרוש אדער אסקעט.

fakir'ism *n.* (פע-קיר'-איזם) די פרינציפען און האנדלונגען פון די מחמד'אנישע פאקירען אדער בעטלער־מאנאכען; די אסקעטישע לעהרען פון די אינדישע אדער בודיסטישע פאקירען.

falcade' *n.* (פעל-קייד') דאס פאלען פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס.

fal'cate *a. and n.* (פעל'-קייט) געבויגען ווי א סערפ; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען ווי א סערפ.

fal'cated *a.* (פעל'-קיי-טעד) ז. *falcate*.

falca'tion *n.* (פעל-קיי'-שאן) דאס אויסבויגען ווי א סערפ.

fal'chion *n.* (פאהל'-טשאן) א פאלאש, א קורצע, ברייטע און אויסגעבויגענע שווערד.

fal'ciform *a.* (פעל'-סי-פארם) ז. *falcate*.

fal'con *n.* (פעל'-קאן) א פאלק־פויגעל, א פאלק, א סאקאל; אזא קאנאנע.

Falcon

fal'coner *n.* (פעל'-קא-נער) איינער וואס ערציהט פאלקען [סאקאלען] פאר יאגד אויף פויגלען; איינער וואס פיהרט א יאגד מיט דער הילף פון געלערענטע פאלקען.

fal'conet *n.* (פעל'-קא-נעט) א קליינער פאלק [סאקאל].

fal'con-eyed *a.* (פעל'-קאנ-איד) וואס האט פאלקען־אויגען; וואס האט שארפע, ליכטיגע אויגען.

fal'con-gen'tle *n.* (פעל'-קאנ-דזשענטל) דער עדעל־פאלק [א געוויהער מין פאלק]; די "זי"־טויבענפאלק אדער א יונגער טויבענפאלק.

fal'conine *a. and n.* (פעל'-קא-נין) וואס איז שייך צו א פאלק אדער סאקאל; א פאלק.

fal'conry *n.* (פעל'-קאנ-רי) די קונסט אויסצולערנען געפאנגענע פאלק־פויגלען צו כאפען אנדערע פויגלען; דאס פיהרען יאגד אויף פויגלען דורך געלערענטע פאלק־פויגלען.

fal'con-shaped *a.* (פעל'-קאנ-שייפט) עהנליך צו א רויב־פויגעל [וועגען פערציערונגען].

fal'dage *n.* (פעל'-דיידזש) הערדען־רעכט [דאס רעכט פון די פריצים אין מיטעלאלטער צו צווינגען די פויערים, זיי זאלען פיטערען זייערע בהמות אויף דעם פריץ'ס ערד, כדי זי צו בעמיסטיגען]; א שטייער ארויפגעלעגט אויף די פויערים אלס בעלוינונג פאר דער בעפרייאונג פון דיזער פפליכט.

fald'stool *n.* (פאהלד'-סטוהל) א צונויפלעג־שטוהל, א שטוהל וואס קען זיך צוזאמענלעגען; אזא שטוהל מיט א קישעלע, צו קניען אין א קלויסטער; אזא מין סטענדער אין א קלויסטער.

fall *v., n. and a.* (פאהל) פאלען, אבפאלען, פערמינדערט ווערען, זינקען, אראבשטירצען, אריינפאלען, זיך אריינגיסען [וועגען טייכען]; אומקומען, רואינירט ווערען; אויסקומען, פאסירען, אויספאלען, געבארען ווערען [הויפטזעכליך וועגען שעפסען און עהנליכע בעשעפענישען]; הענגען, אראבהענגען [ווי די פאלדען פון א קלייד אדער פארהאנג]; ווערען..., אנהויבען, איבערגעהן אין א נייעם צושטאנד; א פאל, דאס פאלען, דאס זינקען, דאס אבפאלען, דאס פערמינדערט ווערען; וואסערפאל; הערבסט; דאס אויסהאקען בוימער; דאס וואס ווערט אויסגעהאקט [וועגען בוימער]; דאס אומווארפען [ביים ראנגלען זיך]; דער בעוועגליכער טייל פון א פיאנא וואס דעקט צו די קלאווישען; נידערונג פון א שטימע; הערבסטליך.

falla'cious *a.* (פע-ליי'-שאס) בעטריגליך, טריגעריש, פאלש, וואס נארט אב, פערפיהרט אדער ברייננט צו א טעות; סאפיסטיש; וואס ציהט אדער ברייננט ארויס פאלשע שליסע.

falla'ciously *adv.* (פע-ליי'-שאס-לי) אויף א פאלשען אדער בעטריגערישען שטייגער; דורך א טעות; סאפיסטיש, ציהענדיג פאלשע שליסע.

falla'ciousness *n.* (פע-ליי'-שאס-נעס) בעטריגליכקייט, פאלשקייט.

fal'lacy *n.* (פעל'-ע-סי) בעטריגליכקייט, פאלשקייט, א טעות; עטוואס וואס נארט אב, וואס פערפיהרט אדער וואס ברייננט צו א טעות; א פאלשער געדאנקען־גאנג אדער ארגומענטאציאן; א סאפיזם.

fal'lal *n. and a.* (פעל'-על) פליטערלעך, קליינינקייטען, נארישקייטען [וועגען בעפוצונגען]; שטיקלעך פלאטערענדע סטענ־

געם וואס מען פלעגט טראגען אלס בעי־ציערונג אין 17טען יאהרהונדערט; קינ־דיש, נאריש, קליינליך.

fall a prey (פאהל ע פריי) פאלען אלס אפפער.

fall asleep′ (פאהל ע־סליעפ׳) איינ־שלאפען.

fall at odds (פאהל עט אדז) קומען אין צוזאמענשטויס, זיך צוקריגען.

fall away′ (פאהל ע־הוויי׳) אבגעצעהרט ווערען, איינדארען; ביסלעכווייז פער־שווינדען; אומקומען; אבפאלען [פון א גלויבען, בעוועגונג א. ד. ג.]; אבטריניג ווערען.

fall back (פאהל בעק) צוריקטרעטען, אויפגעבען; ניט ערפילען א פערשפרע־כען, ניט דערגרייכען א ציעל.

fall back upon′ (פאהל בעק א־פאן׳) זיך שטיצען [אויף עפעס], זיך אנהאל־טען [אן עפעס], זיך שיצען [דורך עפעס].

fall behind′ (פאהל בי־האינד׳) בלייבען אהינטער, בלייבען הינטערשטעליג; זיין איבערטראפען.

fall calm (פאהל קאהם) אנהויבען זיך איינצושטילען [ווענען ווינד אויף׳ן ים].

fall down (פאהל דאון) אנידערפאלען; פאלען כורעים; פאהרען מיט׳ן שטראם.

fall down from fa′vor (פאהל דאון פראם פיי׳־ווער) פערליערען דעם חן אין איינעמ׳ס אויגען, אריינפאלען אין אונ־גנאדע.

fall′en *a.* (פאהלן) געפאלען, געזונקען, רואינירט.

fall′en one (פאהלן הוואן) א געפאלענע, א פראסטיטוטקע.

fall′en wood (פאה׳לן הוואוד) אוים־געהאקטע בוימער, פערדארט האלץ.

fall′er *n.* (פאהל׳־ער) איינער אדער עטוואס וואס פאלט אדער ברייננט איי־נעם אדער עפעס צום פאלען; טייל פון מאשינען, וואס הויבען זיך און פאלען.

fall flat (פאהל פלעט) ניט האבען קיין ערפאלג [אין דער אנשטרענגונג צו צי־הען אויפמערזאמקייט, ארויסרופען סימ־פאטיע א. ד. ג.].

fall foul (פאהל פאול) זיך אנשטויסען [ווענען שיפען]; אנגרייפען, אטאקירען.

fall from grace (פאהל פראם גרייס) ווערען דורך און דורך זינדיג [אריינפא־לען אין נ׳ שערי טומאה].

fallibil′ity *n.* (פעל־אי־ביל׳־אי־טי) דער טעות, די פעהלבארקייט, אירטומ־ליכקייט.

fal′lible *a.* (פעל׳־איבל) פעהלבאר; וואס קען מאכען אדער האבען א טעות; וואס איז פאלש אדער אירענד.

fal′libleness *n.* (פעל׳־איבל־נעס) ז. ***fallibility***.

fal′libly *adv.* (פעל׳־אי־בלי) על פי טעות.

fall ill (פאהל איל) קראנק ווערען.

fall in (פאהל אין) צוזא־ אריינפאלען; צוזאמענטרעפען; צונויפגעהן זיך.

fall′ing *n.* (פאהל׳־אינג) דאס פאלען; דאס וואס פאלט; דאס זינקען; דאס וואס זינקט.

fall′ing-band *n.* (פאהל׳־אינג־בענד) א ברייטער קאלנער וואס לעגט זיך אויס אויף די אקסלען, וועלכען מען האט גע־טראגען אין 16־טען און 17־טען יאהרהונ־דערט.

fall′ing-down *n.* (פאהל׳־אינג־דאון) דאס אנידערפאלען.

fall′ing in (פאהל׳־אינג אין) דאס אריינ־פאלען.

fall′ing-latch *n.* (פאהל׳־אינג־לעטש) א קליאמקע וואס פערמאכט זיך אליין.

fall′ing-out *n.* (פאהל׳־אינג־אוט) א מחלוקה, א קריעג, א דיספוט.

fall′ing-sick′ness *n.* (פאהל׳־אינג־סיק׳־נעס) די פאליגע, עפילעפסיע, חולי נופלים.

fall′ing-star *n.* (פאהל׳־אינג־סטאר) דער פאלענדער שטערען, א מעטעאר.

fall′ing stone (פאהל׳־אינג סטאון) א מעטעאר, א שטיין וואס פאלט פון הי־מעל.

fall′ing weath′er (פאהל׳־אינג הוועטה׳־ער) א רעגענדיג אדער שנעעדיג וועטער.

fall in love (פאהל אין לאוו) זיך פער־ליעבען.

fall in tears (פאהל אין טיערז) אויס־ברעכען מיט א געוויין.

fall in′to (פאהל אינ׳־טו) אריינפאלען אין...

fall in′to abey′ance (פאהל אינ׳־טו ע־ביי׳־ענס) ארויס פון קראפט, ניט מעהר גילטיג.

fall in′to a cus′tom (פאהל אינ׳־טו ע קאס׳־טאם) אונטערווארפען זיך דעם מנהג, נאכפאלגען א געוויסע מאדע.

fall in′to a pas′sion (פאהל אינ׳־טו ע פעש׳־אן) ווערען אויפגעבראכט; אריין אין כעס.

fall in′to decay′ (פאהל אינ׳־טו די־קיי׳) פאנאנדערפאלען, אונטערגעהן, צו־שטערט ווערען.

fall in′to disuse′ (פאהל אינ׳־טו דיס־יוס׳) ווערען אונגעברויכליך.

fall in′to er′ror (פאהל אינ׳־טו ער׳־אר) אריינפאלען אין א טעות.

fall in′to tempta′tion (פאהל אינ׳־טו טעמפ־טיי׳־שאן) אריינפאלען אין א נסיון.

fall off from (פאהל אף פראם) פער־לאזען, אויפגעבען, אבשטעהן פון עפעס.

fall of the leaf (פאהל אוו טהי ליעף) הערבסט; דאס פערוועלקען [פערוויאנען].

fall on one′s feet (פאהל אן הוואנז פיעט) אראבפאלען און בלייבען שטעהן אויף די פיס; גליקליך ארויסדרעהען זיך פון עפעס; ארויסקומען גאנץ מיט די ביי־נער; ניט ליידען קיין היזק.

Fallo′pian tubes (פע־לאו׳־פי־ען טיובז) די פאלאפישע רעהרען [אין גע־שלעכטס־ארגאן פון פרויען. זיינען ענט־דעקט געווארען פון אנאטאמיסט פא־לאפוס אין 16טען יאהרהונדערט].

fall out (פאהל אוט) זיך קריגען, אנ־פאנגען א קריגעריי; ארויספאלען, פאסי־רען.

fall out ill (פאהל אוט איל) זיך ענ־דיגען שלעכט, ניט האבען קיין ערפאלג.

fall o′ver (פאהל או׳־ווער) אנידערפא־לען; איבערפאלען; ארויפווארפען זיך אויף עפעס אדער דורך עפעס; אוועק־געהן; אנטלויפען; איבערגעהן אויף אי־מעצענס זייט.

fall o′verboard (פאהל או׳־ווער־באורד) ארונטערפאלען פון שיף; אראב־פאלען.

fal′low *v., n. and a.* (פעל׳־או) אוים־אקערען לאנד, אבער לאזען דאס א לאנ־גע צייט אונפערזייעט, כדי די ערד זאל ווערען וויך; דאס איבערלאזען א פעלד אויף א געוויסער צייט אונבעארבייט, כדי צו פערשטארקען די זאפטיגקייט פון דער ערד; דאס אויפאקערען א פעלד אבער ניט פערזייהען עס; דאס איבערלאזען א פעלד אונבעארבייט; געאקערט אבער ניט פער־זייהט; ניט בעארבייט, ניט קולטיווירט; פערלאזען; געלבליך, בלייך, רויטליך־געלב.

fal′low-chat *n.* (פעל׳־או־טשעט) ז. ***fallow-finch***.

fal′low-deer *n.* (פעל׳־או־דיער) דער דאמהירש [אזא הירש פון א געלבליכען קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Fallow-deer

fal′low-finch *n.* (פעל׳־או־פינטש) דאס ווייסקעלכען [אזא קליין פויגעלע פון דעם שפערלינג מין].

fal′lowness *n.* (פעל׳־או־נעס) דאס זיין אויפגעאקערט אבער ניט פערזייהט; אונ־פרוכטבארקייט.

fall plump in (פאהל פלאמפ אין) גלייך אריינפאלען אין...

fall short (פאהל שארט) צו קורץ קו־מען; ניט דערגרייכען, ניט דערכאפען די מאס.

This year's crop **falls short** of all expectation.

fall short in du′ty (פאהל שארט אין דיו׳־טי) ניט נאכקומען א פפליכט.

fall sick (פאהל סיק) קראנק ווערען.

fall through (פאהל טהרו) דורכפא־לען; גארנישט ערגרייכען.

fall to (פאהל טו) פעסט פערמאכען; זיך א נעהם טהאן מיט ענערגיע אדער חשק.

fall to decay′ (פאהל טו די־קיי׳) פא־נאנדערפאלען, זיך צופאלען; פערוועלקט [פערוויאנעט] ווערען.

fall to ea′ting (פאהל טו איע׳־טינג) זיך צוכאפען צום עסען.

fall to pie′ces (פאהל טו פיע׳־סעז) צוברעקלען זיך, פאנאנדערפאלען.

fall to ru′in (פאהל טו רו׳־אין) חרוב ווערען, איינפאלען.

fall to the ground (פאהל טו טהי גראונד) צו נישט ווערען, זיך אויסלאזען מיט נארנישט.

fall to the lee′ward (פאהל טו טהי ליע׳־הווארד) אבטרעטען פון דער ווינד־ריכטונג, ניט קענען אויסנוצען דעם ווינד.

fall to work (פאהל טו הוואירק) נעה־מען זיך מיט התמדה צו דער ארבייט.

fall′trank *n.* (פאהל׳־טרענק) שווייצער טהעע [א מעדיצין פאר וואונדען, וועל־כע ווערט געמאכט פון פערשיעדענע ארא־מאטישע גראזען וואס וואקסען אויף די אלפען־בערג אין דער שווייץ].

fall un′der (פאהל אנ׳־דער) ארונטער־פאלען [אונטער אימעצענס מאכט, איינ־פלוס א. ד. ג.].

fall un'der displeas'ure (פאהל אנ'־דער דיס־פלעזש'־אור) אריינפאלען אין אן אונ'חן.

fall upon' (פאהל א־פאן') אנפאלען, אטאקירען; מאכען א פראבע; זיך א נעהם טהאן; ענטדעקען.

false *a.* (פאהלס) פאלש; פעהלערהאפט; בעטריגעריש; טריילאז.

false'-at'tic *n.* (פאהלס־עט'־איק) די פאלשע אטיקא [אין ארכיטעקטור — א צובוי איבער'ן דאך פון א בנין אין דער פארם פון א מאנסארדע, נאר אהן ווענד־זיילען און אהן פענסטער, דיענט אלס פלאץ פאר ארכיטעקטור־פערציערונגען און אויפשריפטען].

false bo'ding (פאהלס באו'־דינג) פאל־שע נביאות.

false bot'tom (פאהלס באט'־אם) א דאפעלטער [פערבארגענער] דעק.

false'-coi'ner *n.* (פאהלס־קאי'־נער) איינער וואס מאכט פאלש געלד.

false concep'tion (פאהלס קאנ־סעפ'־שאן) 1. פאלשע שוואנגערשאפט [א גע־וויקס אין מוטער־לייב ביי א פרוי וואס מאכט דעם איינדרוק פון שוואנגערשאפט]; 2. א פאלשער בעגריף, א פאלשע פאר־שטעלונג.

2. He has a false conception of the spirit of our government.

false dea'ler (פאהלס דיע'־לער) א שוי־לער [א קארטען־שווינדלער]; א שווינד־לער.

false edge (פאהלס עדזש) די טעמפע זייט פון א שווערד; די זייט פון שווערד, וועלכע איז געווענדעט צו דעם געזיכט פון דעם, וואס האלט די שווערד שטעהענדיג אויף דער וואך.

false'-faced *a.* (פאהלס'־פייסט) צביעות'דיג, פערשטעלט, היפאקריטיש.

false fire (פאהלס פאיר) א פערפיה־רעריש פייער [א לייכט־פייער וואס פער־פיהרט א שיף].

false front (פאהלס פראנט) א האר־באנד אדער שמאלער פארוק מיט א טשעפטשיק וואס פרויען טראגען און וועלכער בעדעקט גור דעם פאדערשטען טייל פון קאפ.

false'-hear'ted *a.* (פאהלס'־האר'־טעד) פאלש־הערציג, טריילאז; נידערטרעכטיג.

false'-hear'tedness *n.* (פאהלס'־האר'־טעד־נעס) פאלשקייט, בעטרוג; ני־דערטרעכטיגקייט.

false'hood *n.* (פאהלס'־הוד) פאלשקייט; ליגען; בעטרוג.

false impris'onment (פאהלס אימ־פריז'נ־מענט) אן אונגעזעצליכע פער־האפטונג.

false'ness *n.* (פאהלס'־נעס) פאלשקייט.

false note (פאהלס נאוט) א פאלשער טאן אדער נאטע [אין מוזיק].

false persona'tion (פאהלס פויר־סא־ניי'־שאן) דאס ארויסטרעטען אונטער דעם נאמען פון אן אנדער פערזאן פאר שווינדלערישע צוועקען.

false ribs (פאהלס ריבז) די לעצטע פינף קורצע ריפען.

false roof (פאהלס רוהף) די סטעליע פון א דאך־צימער וואס איז געמאכט אין דער פארם פון א דאך.

false step (פאהלס סטעפ) א פעהלער, א פערזעהן.

falset'tist *n.* (פאהל־סעט'־איסט) איי־נער וואס זינגט פאלצעט [קאפ־שטימע].

falset'to *n.* and *a.* (פאהל־סעט'־או) א פאלצעט־שטימע [א קאפ־שטימע]; וואס האט די אייגענשאפטען פון א פאלצעט־שטימע.

fal'sifiable *a.* (פאהל'־סי־פאי־עבל) וואס מען קען פעלשען אדער נאכמאכען; פעלשבאר.

falsifica'tion *n.* (פאהל־סי־פי־קיי'־שאן) פעלשונג; נאכמאכונג.

fal'sificator *n.* (פאהל'־סי־פי־קיי־טאר) א פעלשער, א נאכמאכער; א ליגנער; איינער וואס מאכט פאלש געלד.

fal'sifier *n.* (פאהל'־סי־פאי־ער) ז. *falsificator*

fal'sify *v.* (פאהל'־סי־פאי) פעלשען, פערפעלשען; נאכמאכען; בעווייזען אלס פאלש; פאלש פארשטעלען; זאגען ליגען.

fal'sity *n.* (פאהל'־סי־טי) פאלשקייט; א ליגען.

fal'ter *v.* and *n.* (פאהל'־טער) זיך שטרויכלען, שוואנקען, וואקלען; שטאמ־לען; דאס שטרויכלען, דאס שוואנקען, דאס וואקלען; דאס שטאמלען.

fal'teringly *adv.* (פאהל'־טער־אינג־לי) שטרויכלענדיג זיך, שוואנקענדיג, וואקלענ־דיג; שטאמלענדיג.

fal'tranck *n.* (פעל'־טרענק) ז. *falltrank*

fame *n.* and *v.* (פיים) רוהם; בע־ריהמטקייט; בעריהמט מאכען.

famed *a.* (פיימד) בעריהמט.

fame'less *a.* (פיימ'־לעס) אהן רוהם, ניט בעריהמט.

famil'iar *a.* and *n.* (פע־מיל'־יער) פאמיליאר, אינטים, פערטרויליך, פער־טרויט; גוט בעקאנט; אונגעצוואונגען, ניט אנגעצויגען, ווי ביי זיך אין דער היים; וואס בעלאנגט צו דער אומגאנגס־שפראך; פשוט, געוועהנליך; א פערטרוי־טער אדער אינטימער פריינד; א הויז־גייסט, א שד; א הויז־מיטגליעד פון פאפסט אדער פון א בישאף; א בעאמ־טער פון דער אינקוויזיציע וואס פלעגט אויספיהרען די פערהאפטונגען אויף די אנגעקלאגטע פערזאנען.

familiar'ity *n.* (פע־מיל־אי־ער'־אי־טי) פערטרויליכקייט, אינטימקייט; אונ־געצוואונגענהייט; א נעגויע בעקאנטשאפט.

familiariza'tion *n.* (פע־מיל־יע־רי־זיי'־שאן) דאס ווערען פאמיליאר, דאס זיין אינטים אדער פערטרויליך.

famil'iarize *v.* (פע־מיל'־יע־ראיז) גוט בעקאנט אדער פערטרויט מאכען מיט עפעס; זיך געוועהנען מיט עפעס.

famil'iarly *adv.* (פע־מיל'־יער־לי) אויף אן אינטימען אופן; ניט געצוואונ־גענערהייט; אהן צערעמאניעס, אהן פאר־מאליטעטען.

famil'iarness *n.* (פע־מיל'־יער־נעס) ז. *familiarity*

famil'iar spir'it (פע־מיל'־יער ספיר'־איט) א גייסט, וועלכען מכשפים, ווי מען האט געגלויבט, פלעגען ארויפבריינגען פאר זייערע צוועקען.

fam'ilism *n.* (פעמ'־אי־ליזם) די לעהרען פון די פאמיליסטען [א קריסטליכע סעק־טע, וואס האט עקזיסטירט אין 16־טען יאהרהונדערט, וועלכע האט זיך גערופען "Family of Love" דער גרונד־פרינ־ציפ פון דיזער סעקטע איז געווען, אז ליעבע פון מענשען צום מענשען איז דער איינציגער יסוד פון רעליגיאן].

Fam'ilist *n.* (פעמ'־אי־ליסט) א פאמי־ליסט, אן אנהענגער פון דער פאמיליסטי־שער סעקטע. ז. *familism*

familis'tic *a.* (פעמ־אי־ליס'־טיק) וואס איז שייך צו די פאמיליסטען אדער צו זייערע לעהרען. ז. *familism*

familis'tical *a.* (פעמ־אי־ליס'־טי־קעל) ז. *familistic*

fam'ily *n.* and *a.* (פעמ'־אי־לי) א פא־מיליע, א הויז־געזינד; א משפחה; א גא־טונג, א גרופע, א שטאם; וואס איז שייך צו א פאמיליע.

fam'ily cir'cle (פעמ'־אי־לי סויר'קל) דער פאמיליען־קרייז; די גאליארקע אין טעאטער.

fam'ily doc'tor (פעמ'־אי־לי דאק'־טאר) א פאמיליען־דאקטאר.

fam'ily en'trance (פעמ'־אי־לי ענ'־טרענס) א בעזונדערער ארייננאנג אין פריוואטען צימער פון א ביער־הויז אדער רעסטאראן.

fam'ily horse (פעמ'־אי־לי הארס) א צוגעוועהנטער געלאסענער פערד מיט וועלכען עס קענען פאהרען פרויען און קינדער.

fam'ily man (פעמ'־אי־לי מען) א פא־מיליען־פאטער, איינער וואס פיהרט א פא־מיליען־לעבען.

fam'ily med'icine (פעמ'־אי־לי מעד'־אי־סין) א הויז־מיטעל.

fam'ily state (פעמ'־אי־לי סטייט) ז. *family way*

fam'ily tie (פעמ'־אי־לי טאי) פאמי־ליען־באנד.

fam'ily tree (פעמ'־אי־לי טריע) דער שטאם־צעטעל, דער שטאם־בוים.

fam'ily way (פעמ'־אי־לי הוויי) שוואנ־גערשאפט.

fam'ine *n.* (פעמ'־אין) הונגער, הונגערס־נויט; מאנגעל, נויט.

fam'ine pri'ces (פעמ'־אין פראי'־סעז) פרייזען ווי אין א הונגער־יאהר [זעהר הויכע פרייזען].

fam'ish *v.* (פעמ'־איש) פערהונגערען, לאזען פערהונגערען; ליידען הונגער; אויסגעהן פון הונגער.

Give me dinner. I am famished.

fa'mous *a.* (פיי'־מאס) בעריהמט, בע־וואוסט, בעקאנט; אויסגעצייכענט, וואונ־דערבאר.

fa'mously *adv.* (פיי'־מאס־לי) מיט בע־ריהמטהייט; אויסגעצייכענט; וואונדער־באר.

The patient is getting along famously.

fa'mousness *n.* (פיי'־מאס־נעס) בע־ריהמטהייט.

fam'ulist *n.* (פעמ'־יו־ליסט) א דיענער אין אקספארדער אוניווערזיטעט.

fan *n.* and *v.* (פען) א פאכער; א וועהער; א ווענטילאטאר; איינער וואס איז שטארק פערקאכט אין אטלעטישע שפיע־לען [הויפטזעכליך אין בייס־באל]; פא־כען, וועהען; אבקיהלען, ערפרישען, בלא־זען; אויפבלאזען; בעוועגען; אבקיהלען מיט א קלאפ פון א פאליצייסקי שטעקען; ניט טרעפען מיט א קלאפ.

fanat'ic *a.* and *n.* (פע־נעט'־איק) פא־נאטיש; א פאנאטיקער.

fanat'ical *a.* (פע־נעט'־אי־קעל) פא־נאטיש.

fanat'ically *adv.* (פע־נעט'־אי־קעל־אי) אויף א פאנאטישען אופן.

fanat'icalness *n.* (פע־נעט'־אי־קעל־נעס) פאנאטיזם.

fanat'icism *n.* (פע־נעט'־אי־סיזם) פא־נאטיזם.

fanat'icize *v.* (פע־נעט'־אי־סאיז) פא־נאטיש מאכען; זיין א פאנאטיקער.

fan'atism *n.* (פענ'-ע-טיזם) ז. *fanaticism*

fan'-blast *n.* (פענ'-בלעסט) דער שטראם לופט וואס ווערט געטריבען פון ווענטילאטאר ביים פאבריצירען אייזען.

fan'cied *a.* (פענ'-סיד) איינגעבילדעט.

fan'cier *n.* (פענ'-סי-ער) איינער וועלכער גיט זיך אב מיט האדעווען חיות אדער פויגעל; א פויגעל אדער חיות-הענדלער; א ליעבהאבער אדער זאמלער פון ספעציעלע ארטיקלען; א טרוימער.

fan'ciful *a.* (פענ'-סי-פול) פאנטאסטיש; איינגעבילדעט; זעלטזאם; וואונדערליך, זאנדערבאר.

fan'cifully *adv.* (פענ'-סי-פול-אי) אויף א פאנטאסטישען אופן; אויף א זעלטזאמען אדער זאנדערבארען אופן.

fan'cifulness *n.* (פענ'-סי-פול-נעס) דאס זיין פאנטאסטיש; וואונדערליכקייט; זאנדערבארקייט.

fan'ciless *a.* (פענ'-סי-לעס) אהן איינבילדונגסקראפט; אהן פאנטאזיע.

fan'-crick'et *n.* (פענ'-קריק'-עט) א מוילוואורף-גריל. ז. *mole-cricket*

fan'cy *n., a. and v.* (פענ'-סי) איינבילדונגס-קראפט, פאנטאזיע; איינבילדונג; א געדאנק, אן אידעע, א פארשטעלונג; א פערלאנג, א קאפריז; א נייגונג, א לוסט צו עפעס; איינגעבילדעט, פאנטאסטיש; פיין, שעהן, עלעגאנט, מאדיש; אויסגעלאסען, אונמאראליש; זיך איינבילדען, פאנטאזירען; פארשטעלען, דענקען, מיינען.

fan'cy ar'ticles (פענ'-סי אר'-טיקלז), מאדען-וואארען, גאלאנטעריי-סחורות.

fan'cy-ba'ker *n.* (פענ'-סי-ביי'-קער) א קאנדיטאר, א קוכען-בעקער.

fan'cy bazaar' (פענ'-סי בע-זאר') ז. *fancy fair*

fan'cy-box *n.* (פענ'-סי-באקס) א שעהן אויסגעארבייט קארטאן-קעסטעל.

fan'cy-col'ors *n.* (פענ'-סי-קאל'-ארז) בונטע, רייכע קאלירען.

fan'cy dress'-ball (פענ'-סי-דרעס'-באהל) א קאסטיומירטער באל.

fan'cy fair (פענ'-סי פעהר) א צדקה-באזאר [אן אויסשטעלונג און פערקויף פון מאדע פרויען-ארבייט, וואו די פערקויפערין טראגט אפט א מאסקען-קאסטיום].

fan'cy-framed *a.* (פענ'-סי-פריימד) איינגעבילדעט.

fan'cy-free *a.* (פענ'-סי-פריע) פריי פון ליעבע; ביי וועמען דאס הארץ איז קיינעם ניט אבגעגעבען.

fan'cy goods (פענ'-סי גודז) ז. *fancy articles*

fan'cy hard'ware (פענ'-סי הארד'-וועהר) פיינע אייזען-סחורות.

fan'cy-line *n.* (פענ'-סי-לאין) א מין דינע שטריק אויפצוציהען די זעגעל פון א שיף.

fan'cy-man *n.* (פענ'-סי-מען) אן אלפאנס, א קאדעט, א צוהאלטער, א סוטענער [א געליעבטער פון א פראסטיטוטקע, וועלכער לעבט אויף איהר רעכנונג].

fan'cy-mon'ger *n.* (פענ'-סי-מאנ'-גער) א מענש פון איינבילדונגען; א פאנטאזיאר.

fan'cy sale (פענ'-סי סייל) ז. *fancy fair*

fan'cy shop (פענ'-סי שאפ) א גאלאנטעריי-מאגאזין.

fan'cy-sick *a.* (פענ'-סי-סיק) ליעבעס-קראנק, חולת אהבה; מטורפ'דיג.

fan'cy soaps (פענ'-סי סאופס) טואלעט-זייפען.

fan'cy sta'tionery (פענ'-סי סטיי'-שאנ-ע-רי) לוקסוס-פאפיער, לוקסוס-שרייב-מאטעריאלען.

fan'cy-stuff *n.* (פענ'-סי-סטאף) צייג וואס איז אויסגעוועבט מיט פיגורען.

fan'cy trade (פענ'-סי טרייד) דער האנדעל מיט מאדע-סחורות.

fan'cy-twill *n.* (פענ'-סי-טהוויל) פיקעע [א געוויסער זארט צייג].

fan'cy-wea'ving *n.* (פענ'-סי-הוויע'-ווינג) מוסטער-וועבעריי, דאס וועבען מיט פיגורען.

fan'cy-work *n.* (פענ'-סי-הוואירק) פייגע האנד-ארבייט.

fan'cy-yarn *n.* (פענ'-סי-יארן) גארען [אזא פארים] צו שטריקען.

F. and A. M. אבקירצונג פון די ווערטער *Free and Accepted Masons* די פריי-מויערער. ז. *freemason*

fandan'go *n.* (פענ-דענ'-גאו) די פאנדאנגא, א מין שפאנישער טאנץ; די מוזיק אדער דער ריטמוס פון דיעזען טאנץ.

fane *n.* (פיין) א טעמפעל; דאס הייליגטום.

fan'fare *n.* (פענ'-פעהר) די פאנפארע, דאס שאלען פון טרומייטען; א פאראד; א שעהנער בונד פון א בוך.

fanfaronade' *v. and n.* (פענ-פער-א-נייד') טומלען וועגען זיך; מאכען א פוסטען אנשטעל; גדל'ענען זיך, בעריהמען זיך; א פוסטער אנשטעל; בעריהמעריי; דאס טומלען וועגען זיך.

fang *n.* (פענג) א זאך, מיט וואס מען פערכאפט אדער פערהאלט; א שפיציגער פאנג-צאהן; א קלעשנע [ווי ביי א ראק]; א נאגעל; א קרוק, מיט וועלכען מען פערטשעפעט עפעס; א צאהן-ווארצעל.

fanged *a.* (פענגד) וואס האט פאנג-צייהנער אדער נעגעל.

fang'less *a.* (פענג'-לעס) אהן צייהנער; אהן נעגעל.

fan'ion *n.* (פענ'-יאן) א קליינע מיליטערישע פאהן.

fan'-light *n.* (פענ'-לאיט) א פענסטער איבער דער טהיר.

fan'-light shut'ter (פענ'-לאיט שאט'-ער) א לאדען פון א האלב-רונדען פענסטער.

fan'like *a.* (פענ'-לאיק) ווי א פעכער, פעכער-פערמיג.

fan mo'tor (פען מאו'-טאר) דער מאטאר פון א ווענטילאטאר.

fan'nel *n.* (פענ'-על) אן ארם-באנד וואס א דיאקאן אדער גלח טראגט ביים געבעט.

fan'ner *n.* (פענ'-ער) איינער וואס פאכט; איינער וואס וויהעט קארן.

fan'ning-mill *n.* (פענ'-אינג-מיל) א מאשין צו וויהען קארן.

fan'on *n.* (פענ'-אן) ז. *fannel*

fan'-palm *n.* (פענ'-פאהם) די פעכער-פאלמע [א פאלמען-בוים, ביי וועלכען די בלעטער זיינען ווי א פעכער].

fan'-shaped *a.* (פענ'-שייפט) אין דער פארם פון א פעכער.

fan'-shaped win'dow (פענ'-שייפט הווינ'-דאו) א פענסטער אין דער פארם פון א פעכער.

fan'-stick *n.* (פענ'-סטיק) דאס פעכער-שטעקעלע.

fan'tail *n.* (פענ'-טייל) א פויגעל, ביי וועלכען דער עק שפרייט זיך פאנאנדער ווי א פעכער.

Fantail

fan'tail bur'ner (פענ'-טייל בויר'-נער) א פעכער-ברענער [דער ברענער אויף א גאז-לאמפ, וואס מאכט דאס פייער ברייט].

fan'-tailed *a.* (פענ'-טיילד) וואס האט אן עק ווי א פעכער.

fan'-tailed pig'eon (פענ'-טיילד פידזש'-אן) די פעען-טויבען [א געוויסער מין טויבען].

fantasi'a *n.* (פענ-טע-זי'-ע) א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן אדער פערפאסונג וועלכע איז פריי פון די אנגענומענע פארמען און סטיל.

fan'tasied *a.* (פענ'-טע-סיד) פול מיט פאנטאזיעס אדער איינבילדונגען; קאפריזנע.

fan'tast *n.* (פענ'-טעסט) א פאנטאסט, א טרוימער; איינער וועלכער טראגט זיך ארום מיט פאנטאסטישע אידעען.

fantas'tic *a.* (פענ-טעס'-טיק) פאנטאסטיש, איינגעבילדעט: וואונדערליך, זאנדערבאר; ניטווירקליך.

fantas'tical *a.* (פענ-טעס'-טי-קעל) ז. *fantastic*

fantas'ticality *n.* (פענ-טעס'-טי-קעל-אי-טי) ז. *fantasticalness*

fantas'tically *adv.* (פענ-טעס'-טי-קעל-אי) אויף א פאנטאסטישען אדער קאפריזנעם שטייגער.

fantas'ticalness *n.* (פענ-טעס'-טי-קעל-נעס) דאס זיין פאנטאסטיש אדער משונה'דיג; מאדנעקייט; קאפריזנעקייט.

fan'tasy *n. and v.* (פענ'-טע-סי) פאנטאזיע, חלומות, קאפריז; א פאנטאסטישע אדער משונה'דיגע פארשטעלונג; אין מוזיק — א פאנטאזיע אדער א קאמפאזיציאן וואס איז פריי פון די אנגענומענע פארמען און סטיל; פאנטאזירען; האבען משונה'דיגע פארשטעלונגען וועגען עפעס; אין מוזיק — פערפאסען אדער שפיעלען א פאנטאזיע.

fanteeg' *n.* (פענ-טיעג') דאס פייניגען; א שלעכטע לוינע; פערלעגענהייט.

fantocci'ni *n.* (פענ-טא-טשי'-ני) קוקלעס, וואס בעוועגען זיך דורך דראט אדער שטריקלעך, פאר וועלכע מען ציהט זיי; א טעאטער-פארשטעלונג מיט אזעלכע קוקלעס.

fan'tom *n.* (פענ'-טאם) א פאנטאם, א פאנטאסטישע ערשיינונג, א פארשטעלונג וועגען א זאך, וואס איז אין דער ווירקליכקייט ניטא.

fan'-tra'cery *n.* (פענ'-טריי'-סע-רי) אין די גאטישע געביידען פון מיטעלאלטער — די אויסגעשניצטע בעציערונגען

פון שטיין וועלכע פערשפרייטען זיך איבער דעם האלב=קיילעכדיגען באלקען אין דער פארם פון א פעכער.

Fan-tracery

fan'-tra'cery vaul'ting (פענ'-טריי'-סע-רי וואהל'-טינג) דער געוועלב=געבוי אין דער פארם פון א פעכער.

fan'-winged *a.* (פענ'-הווינגד) וואס האט פליגלען ווי פעכערס.

faquir' *n.* (פע-קיר') ז. *fakir*

far *adv. and a.* (פאר) ווייט, פון דער ווייטענס, דערווייטערט, צום גרעסטען טייל, אין א הויכען גראד, וואס איז ווייטער [וועגען איינער פון צוויי זאכען].

far'ad *n.* (פער'-עד) א פאראד, אן עלעקטרא=מאגנעטישע איינהייט צו מעסטען עלעקטרישע קאפאציטעט [ענטהאלט] פון א קאנדענזאטאר [די גרויס פון דער איינהייט בעשטעהט פון איין קאלומב עלעקטרישע לאדונג וואס האט איין וואלט שפאנונג. דיעזע עלעקטרישע איינהייט טראגט דעם נאמען פון בעריהמטען ענגלישען פיזיקער פאראדיי].

Farada'ic *a.* (פער-ע-דיי'-איק) וואס איז שייך צו דעם בעריהמטען ענגלישען פיזיקער פאראדיי [געבארען אין 1791, געשטארבען אין 1867].

farad'ic *a.* (פע-רעד'-איק) וואס איז שייך צו אינדוצירטע עלעקטרישע שטראמען, וועלכע ווערען פראדוצירט פון אן עלעקטרישער מאשין; וואס איז שייך צו דער פאראדייאישער אינדוקציאנס=מאשין [אן עלעקטרישע מאשין, וואס ווערט איצט בענוצט מייסטענס פאר מעדיצינישע צוועקען].

far'adism *n.* (פער'-ע-דיזם) עלעקטריציטעט וואס ווערט ערהאלטען פון א פאראדייאישער עלעקטרישער מאשין, אינדוצירטע עלעקטרישע שטראמען.

faradiza'tion *n.* (פער-ע-די-זיי'-שאן) די היילונג פון א נערוו אדער מוסקעל דורך א פאראדייאישען שטראם [אינדוקציאנס=שטראם].

far and wide (פאר ענד הוואיד) ווייט און ברייט.

far astern' (פאר ע-סטוירן') ווייט פון הינטען, ווייט הינטערשטעליג.

far'-away' *a.* (פאר'-ע-הוויי') ווייט, ווייט אוועק; צערשטרייט, צוטראגען.

far'-between' *a.* (פאר'-בי-טהוויען') ווייט פאנאנדערגעטיילט, אבגעזונדערט [וועגען מענשען].

farce *n. and v.* (פארס) א פארס; א דראמאטיש=קאמיש ווערק מיט ווילדע איבערטרייבונגען; איין=אקטיגע אפערא מיט אן איבערטריבען=קאמישען אדער ווילדען און אויסערגעוועהנליכען אינהאלט; א ווילדער אדער נארישער שפאס; א נארישער אדער לעכערליכער פאראד; אנפילען, אנשטאפען [וועגען שפייזען]; פערפעפערען מיט וויציגע בעמערקונגען א רעדע אדער א שריפט.

far'cical *a.* (פאר'-סי-קעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פארס; לעכערליך, שפאסהאפט, אבסורד, ווילד=איבערטריבען. ז. *farce*

farcical'ity *n.* (פאר-סי-קעל'-אי-טי) דאס האבען דעם כאראקטער פון א פארס; דאס זיין אבסורד, נאריש אדער לעכערליך. ז. *farce*

far'cically *adv.* (פאר'-סי-קעל-אי) אויף'ן אופן פון א פארס; אויף א נארישען אדער לעכערליכען אופן. ז. *farce*

far cry (פאר קראי) א גרויסער אונטערשיעד, א גרויסע שטרעקע, א לאנגער וועג.

far'cy *n.* (פאר'-סי) די ווארים=קראנקהייט [א מין פערד=קראנקהייט].

far'dingale *n.* (פאר'-דינ-גייל) ז. *farthingale*

far'ding-bag *n.* (פאר'-דינג-בעג) דער בלעטער=מאגען אדער מעלה=גרה=מאגען [דער ערשטער מאגען ביי חיות וואס זיינען מעלה=גרה. אין דעם מאגען ליעגט די שפייז ביז זי קומט צוריק ארויף אין מויל, אום איבערגעקייעט צו ווערען].

fare *v. and n.* (פעהר) זיך בעפינדען [בנוגע צום געזונד אדער אומשטענדען]; געניסען [פון שפייז און געטראנק]; פאסירען, טרעפען, אויסקומען, ארויסקומען [אלס פאלגע אדער רעזולטאט]; פאהר=געלד; מענשען וואס ווערען געפיהרט אין א וואגען; טומעל, גערודער; די לאדונג פון פיש אויף א פישער=שיף; דער שפור אדער די פארם פון א האז.

fare'-box *n.* (פעהר'-באקס) קעסטעל אויף די סטאציאנען פון אייזענבאהנען און טראמוואיען [וואגאנען פון גאסען=באהנען] א. ד. ג., וואו מען ווארפט אריין די בילעטען.

fare'-in'dicator *n.* (פעהר'-אינ'-די-קיי-טאר) א פארריכטונג [ווי אין גאסען=באהנען] צו פערצייכנען אויטאמאטיש דאס איינגעצאהלטע פאהר=געלד.

fare'well *n., a. and int.* (פעהר'-הוועל) א זיי=געזונד, א געזעגנען=זיך; אבשיעד; לעצטער קוק, גערדאנק אדער אויפמערקזאמקייט; וואס קומט פאר ביים אבשיעד, וואס קומט פאר צום לעצטען מאל; לעב וואהל! זיי געזונד!

fare'-wick'et *n.* (פעהר'-הוויק'-עט) א טהירעל [ביים אריינגאנג צו אייזענבאהנען] וואס דרעהט זיך און פערצייכענט אויטאמאטיש די צאהל פאסאזשירען וואס זיינען דורכגעגאנגען; אן עפענונג אין דער טהיר פון א טראמוואי, דורך וועלכער מען קאלעקטירט דאס פאהר=געלד.

far'-fetched *a.* (פאר'-פעטשט) געבראכט פון ווייט; שוואך פערבונדען, געצוואונגען, אנגעצויגען.

far-gone' *a.* (פאר-גאהן') וואס איז ווייט אוועק; שטארק אנגע'שכור'ט.

far-gone' in years (פאר-גאהן' אין יירז) בעיאהרענט.

far'in *n.* (פאר'-אין) ז. *farina*

fari'na *n.* (פע-רי'-נא) מאנע, מאנע=גרייפלעך, מאנע=גריץ; מעהל; מעהל פון פערשיעדענע פלאנצען און ווארצלען; אין באטאניק — בלומען=שטויב; אין ענטאמאלאגיע — א מעהליגער שטויב אויף אינזעקטען.

fari'na-boi'ler *n.* (פע-רי'-נא-באי'-לער) אזא געשיר צו קאכען מעהליגע שטאפען אדער בכלל זאכען, וואס ווערען לייכט צוגעברענט.

farina'ceous *a.* (פער-אי-ניי'-שיאס) מעהליג, עהנליך צו מעהל; געמאכט פון מעהל; בעדעקט מיט מעהל; וואס ענטהאלט קראכמאל.

farina'ceously *adv.* (פער-אי-ניי'-שיאס-לי) מיט מעהל אדער מאנע=גרייפלעך.

far'inose *a.* (פער'-אי-נאוס) וואס ענטהאלט אין זיך מעהל; מעהליג; וואס איז בעדעקט מיט א מעהל=עהנליכען שטויב [וועגען אינזעקטען].

far'inosely *adv.* (פער'-אי-נאוס-לי) ווי מעהל, ווי בעדעקט מיט מעהל, מעהליג.

farin'ulent *a.* (פע-רינ'-יו-לענט) וואס איז בעדעקט מיט א מעהל=עהנליכען שטויב [וועגען אינזעקטען].

farm *n. and v.* (פארם) א פערמע, א לאנד=גוט, א פאכט=גוט; פאכט, ארענדע; פאכט=געלד, ארענדע=געלד; איינקינפטע; פערדינגען, אבגעבען אין ארענדע, איבערגעבען אין ארענדע רעגיערונגס=שטייערען; נעהמען אין ארענדע; בעארבייטען לאנד.

far'mable *a.* (פאר'-מעבל) וואס קען פערדונגען ווערען אדער אוועקגעגעבען ווערען אין ארענדע; וואס קען בעארבייט ווערען [וועגען לאנד].

farm'-bai'liff *n.* (פארמ'-ביי'-ליף) א פערוואלטער פון א לאנד=גוט.

farm'-buil'ding *n.* (פארמ'-ביל'-דינג) א געביידע אויף א לאנד=גוט פאר דעם געברויך פון דער ווירטשאפט.

farm'-dog *n.* (פארמ'-דאג) א הויף=הונד.

far'mer *n.* (פאר'-מער) א פערמער, אן ערד=ארבייטער, א דארפסמאן, א פויער, א פאכטער, אן ארענדאטאר, א לאנד=אייגענטימער; איינער וואס האלט אין ארענדע רעגיערונגס=שטייערען; אין ענגלאנד — דער אייגענטימער פון קויהלען=גרובען, איינער וואס האלט אין ארענדע רעגיערונגס=קויהלען=גרובען אדער דער עלטסטער זוהן פון א לאנד=אייגענטימער אדער רעגיערונגס=ארענדאטאר [אטקופשטשיק].

far'mer-gen'eral *n.* (פאר'-מער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל=פאכטער [א מיטגליעד פון א פריוויליגירטען קלאס אין פראנקרייך פאר דער רעוואלוציאן פון 1789. דיעזער קלאס האט געהאלטען אין ארענדע (אטקופ) די נאציאנאלע הכנסות און האט אויף'ן אויסערסטען אופן בערויבעוועט דאס פאלק].

far'merlike *a.* (פאר'-מער-לאיק) פויעריש.

far'mership *n.* (פאר'-מער-שיפ) דאס זיין א פערמער אדער לאנד=ארבייטער, דאס פיהרען א לאנד=ווירטשאפט.

far'mery *n.* (פאר'-מע-רי) די פערמע בעל=הבתישקייט [די געביידעס, ערד=ארבייט=געצייג, בהמות א. ד. ג.].

farm'-hand *n.* (פארמ'-הענד) אן ארבייטער אויף א פערמע, א געדונגענער ערד=ארבייטער.

farm'-house *n.* (פארמ'-האוס) די וואהנונג אויף א פערמע אדער לאנד=גוט.

far'ming *n. and a.* (פאר'-מינג) לאנד=ארבייט; אקער=בוי; ארענדע אדער אט=

קופ פון רעגיערונגס־שטייערן; וואס איז שייך צו א פערמע אדער ערד־ארבייט.

far'ming-im'plements *n.* (פאר'־מינג־אימ'־פלי־מענטס) די אינסטרומענ־טען און מאשינען וואס ווערען געברויכט אין לאנד־ווירטשאפט.

far'ming-school *n.* (פאר'־מינג־סקוהל) אן אגריקולטור־שוהלע [וואו מען לערענט לאנדווירטשאפט].

far'most *a.* (פאר'־מאוסט) וואס איז אם ווייטסטען.

farm'-place *n.* (פארמ'־פלייס) א פער־מע; די געביידעס אויף א לאנד־גוט.

farm'-prod'ucts *n.* (פארמ'־פראד'־אקטס) פערמע־פראדוקטען, דארף־פראדוק־טען [ווי תבואה, גרינס, פוטער, אייער א. ד. ג.].

farm'stead *n.* (פארמ'־סטעד) די גע־ביידעס אויף א לאנד־גוט.

farm'-vil'lage *n.* (פארמ'־וויל'־עדזש) א דארף, וואו מען בעשעפטיגט זיך הויפט־זעכליך מיט לאנדווירטשאפט.

farm'-yard *n.* (פארמ'־יארד) דער הויף פון פערמע, דער פיה־הויף.

far'ness *n.* (פאר'־נעס) ווייטקייט.

fa'ro *n.* (פיי'־ראו) פארא אדער פרעה [א קארטען־שפיעל וואס בעשטעהט אין דעם וואס מען דארף טרעפען די קארט, וועלכע קומט אין דער רייה. דאס שפיעל ווערט גערופען פרעה, ווייל, ווי עס ווערט בעהויפטעט, איז אין די אלטע צייטען אויף איינער פון די קארטען געווען די פי־גור פון אן עגיפטישען קעניג].

fa'ro-bank *n.* (פיי'־ראו־בענק) א פארא־באנק [דער פלאץ, וואו מען שפיעלט פא־רא אדער פרעה; די קאסע פון דעם איי־גענטימער פון אזא פלאץ, וועלכער איז דער קארטען־טיילער און דער באנקיר ביי דיעזען קארטען־שפיעל]. ז. *faro*.

far'-off *a.* (פאר'־אף) ווייט, ענטפערנט, דערווייטערט.

far oth'erwise (פאר אטה'־ער־וואיז) גאנץ אנדערש, זעהר פערשיעדען.

far'-pier'cing *a.* (פאר'־פיער'־סינג) דורכדרינגענד.

farra'go *n.* (פע־ריי'־גאו) א געמיש, א צוזאמענגעמישטע מאסע.

far'-rea'ching *a.* (פאר'־ריע'־טשינג) וואס דערגרייכט וויט.

farred *a.* (פארד) קאפוט, אוועק אין כף הקלע.

far'-resoun'ding *a.* (פאר'־רי־סאונ'־דינג) וואס קלינגט אב ווייט.

far'rier *n.* (פער'־אי־ער) אן אייזען־אר־בייטער; א שמיעד; א פערד־שמיעד, וועל־כער איז אויך א קאנאוואל אדער פערד־דאקטאר.

far'rieries *n.* (פער'־אי־ער־איז) א שמיעד־הויז, א קוזניע, א פלאץ פון א קאנאוואל אדער פערד־דאקטאר.

far'riery *n.* (פער'־אי־ער־אי) די מלאכה פון שמיעדען פערד; פערד־דאקטאריע.

far'row *n., v. and a.* (פער'־או) א קליין חזיר'ל; דער וואורף אדער די צאהל חזירים'לעך וואס ווערען געבארען מיט איין מאל; האבען חזירים'לעך; אונפרוכט־באר, יאלאווע [וועגען א בהמה וואס קעלבט זיך ניט].

far'-see'ing *a.* (פאר'־סיע'־אינג) וואס האט א ווייטע ראיה אדער א ווייטען בליק צו זעהן פארויס וואס עס קען פאסי־רען.

far'-shoo'ting *a.* (פאר'־שוה'־טינג) ווייט־שיסענד.

far'-sigh'ted *a.* (פאר'־סאי'־טעד) ווייט זיכטיג, וואס קען זעהן בעסער פון דער ווייטען; וואס זעהט פאראויס.

far'-sigh'tedly *adv.* (פאר'־סאי'־טעד־לי) מיט א פארזיכטיגען בעטראכטען.

far'-sigh'tedness *n.* (פאר'־סאי'־טעד־נעס) ווייטזיכטיגקייט.

far'-sought *a.* (פאר'־סאהט) ווייט גע־זוכט.

far'-stretched *a.* (פאר'־סטרעטשט) ווייט פערשפרייט.

fart *n. and v.* (פארט) א פארץ; פאר־צען.

fart'-catch'er *n.* (פארט'־קעטש'־ער) דער פארץ־כאפער [א משרת אדער לאקיי וואס געהט הינטער'ן פריץ].

far'ther *a. and adv.* (פאר'־טהער) ווייטער; אויך, אויסערדעם.

far'thermost *a.* (פאר'־טהער־מאוסט) וואס איז אם ווייטסטען.

far'thest *a. and adv.* (פאר'־טהעסט) וואס איז אם ווייטסטען אדער אם העכ־סטען; אם ווייטסטען.

far'thing *n.* (פאר'־טהינג) א פארדינג [אן ענגלישע קופערנע מטבע]; א גראָ־שען, א העלער.

far'thingale *n.* (פאר'־טהינ־גייל) א קרינאלינע [א קלייד אויף רייפען, וועל־כע פרויען פלעגען טראגען אין 16־טען און 17־טען יאהרהונדערט].

fas'ces *n.* (פעס'־איס) די פאסצעס אדער ליקטאר־ריטער [א האק צונויפגע־בונדען מיט א פעקעל ריטער, וועלכע מען פלעגט אין דער אלטער רוימישער מלוכה טראגען פאר די קאנסולען און די העכ־סטע ריכטער אלס צייכען, אז זיי האבען די מאכט צו בעשטראפען מיט מלקות און מיט'ן טויט. די, וועלכע פלעגען טראגען דיעזע האק מיט ריטער, האבען זיך גע־רופען ליקטארען].

fas'cia *n.* (פעש'־אי־א) אין אנאטא־מיע — דאס קאסקע־הייטעל, וואס בעדעקט א מוסקול; אין כירורגיע — א באנדאזש [ביי אן אפעראציע]; אין ארכיטעק־טור — א שטרייף [א ברייטער האלב־רונדער קארניז וואס גארטעלט ארום דעם אויבערשטען טייל פון א זייל]; אין אסטראנאמיע — דער העלער פאס וואס רינגעלט ארום א פלאנעט; אין מוזיק — די זייטען פון א פיעדעל.

fas'cial *a.* (פעש'־אי־על) וואס איז שייך צו די ליקטאר־ריטער; וואס איז שייך צו א באנדאזש. ז *fascia*.

fas'ciated *a.* (פעש'־אי־איי־טעד) פער־בונדען; געשטרייפט, מיט פאסען.

fascia'tion *n.* (פעש־אי־איי'־שאן) א באנדאזש, אן ארומבינדונג [ביי אן אפע־ראציע].

fas'cicle *n.* (פעס'־איקל) א קונטרס, א העפט, א דין ביכעל; א בינטעלע בלומען אויף א פלאנצע.

fas'cicled *a.* (פעס'־איקלד) ז. *fasciculate*.

fascic'ular *a.* (פע־סיק'־יו־לאר) ז. *fasciculate*.

fascic'ularly *adv.* (פע־סיק'־יו־לאר־לי) ז. *fasciculately*.

fascic'ulate *a.* (פע־סיק'־יו־לייט) צו־זאמענגעבונדען אדער צונויפגעוואקסען אין א בינטעל [וועגען בליטהען אדער בלומען אויף א פלאנצע].

fascic'ulated *a.* (פע־סיק'־יו־לייטעד) בינטעל־פערמיג.

fascic'ulately *adv.* (פע־סיק'־יו־לייט־לי) אויף'ן אופן פון א צונויפגעוואקסענעם אדער צונויפגעבונדענעם בינטעל.

fas'cicule *n.* (פעס'־אי־קיול) א בינ־טעל בלומען; א בינטעל האר.

fas'cinate *v.* (פעס'־אי־נייט) פערבלענ־דען; בעצויבערען; האבען א שטארקען איינפלוס אויף איינעם.

fas'cinating *a.* (פעס'־אי־ניי־טינג) בעצויבערענד, פערבלענדענד.

fas'cinatingly *adv.* (פעס'־אי־ניי־טינג־לי) אויף א בעצויבערענדען, פער־בלענדענדען שטייגער.

fascina'tion *n.* (פעס־אי־ניי'־שאן) די פערבלענדונג; די בעצויבערונג; א שטארקע ציהונגס־קראפט; דאס נעפינען זיך אונטער א שטארקען איינפלוס; דאס זיין בעצויבערט.

fas'cinator *n.* (פעס'־אי־ניי־טאר) א בעצויבערער; איינער אדער עפעס וואס ציהט צו זיך שטארק צו.

fascine' *n. and v.* (פע־סין') אין פעס־טונגס־ווערק — א בינטעל ריטער אדער שטעקענס וועלכע ווערען בענוצט פאר פעס־טונגס־ארבייט; ארומלעגען [א וואנד אדער א פעסטונג] מיט בינטעלעך ריטער.

Fascines

fascine'-dwell'ing *n.* (פע־סינ'־דהוועל'־אינג) איינע פון די הייזלעך, וועל־כע געוויסע ווילדע פעלקער פון די אור־אלטע צייטען פלעגען בויען אין מיטען אן אזערע אדער זומפ. אין וואסער פלעגט מען לעגען איינע אויף די אנדערע בינט־לעך ריטער אדער שטעקענס ביז עס פלעגט זיך אויסבילדען א פלאטפארם איבער'ן וואסער, אויף דיעזער פלאטפארם פלעגען זיי בויען הייזלעך.

fash'ion *n. and v.* (פעש'־אן) פאסאן, מאדע; געשטאלט, שניט; ארט, וויייז; אריסטאקראטיע; פארמען, בילדען, מא־כען; אנפאסען, צופאסען.

fash'ionable *a. and n.* (פעש'־אנ־עבל) מאדיש, פראנטיש; אריסטאקראטיש; עלע־גאנט; אן אריסטאקראט.

fash'ionableness *n.* (פעש'־אנ־עבל־נעס) דאס מאדישע אויסזעהן, פראנטיש־קייט; עלעגאנטקייט; אריסטאקראטיזם.

fash'ionable resort' (פעש'־אנ־עבל רי־זארט') אן עלעגאנטער פלאץ [וואו עס קומט זיך צונויף א פיינערע, רייכערע געזעלשאפט].

fash'ionably *adv.* (פעש'־אנ־ע־בלי) מאדיש, פראנטיש, עלעגאנט, מעשה אריס־טאקראט.

fash'ioner *n.* (פעש'־אנ־ער) א צושניי־דער, צומעסטער אדער צופאסער [פון קליידער]; א מאדיסט.

fash'ionless *a.* (פעש'־אנ־לעס) ניט־מאדיש, אהן א פאסאן, אהן סטיל.

fash'ion-mon'ger *n.* (פעש'־אנ־מאנ'־גער) א פראנט; איינער וואס האלט נאך די מאדע.

fash'ion-mon'gering *n.* (פעש'־אנ־מאנ'־גער־אינג) דאס האלטען זיך שטרענג אן דער מאדע.

fash'ion-mon'ging *n.* (פעש'־אנ־מאנ'־גינג) ז. *fashion-mongering*.

fash'ion-plate *n.* (פעש'־אנ־פלייט) א פאפיער אדער פלאטע, אויף וועלכער עס

זיינען אויסגעמאלט קליידער פון לעצטען פאסאן.

fast *a., adv., n. and v.* (פעסט) פעסט, שטארק, אונבעוועגליך, בעפעסטיגט; איבערגעבען; אונפערענדערליך [אין טרייהייט אדער איבערגעבענהייט], טריי; דויערהאפט, בעשטענדיג; שנעל; פיהרענדיג א צערשטריים לעבען, יאגענדיג זיך נאך פערגניגענס; הולטאיאיש, אויסגעלאסען; מיט פעסטקייט; אויף א בעפעסטיגטען, פעסטען אדער אונבעוועגליכען אופן; טיעף; נאהענט; מיט שנעלקייט; עטוואס וואס בעפעסטיגט אדער האלט צו; א שטריק, מיט וועלכען א שיף איז צוגעבונדען; דאס אונבעוועגליכע אייז ביים ברעג; דאס פאסטען, א תענית; פאסטען.

fast and fu'riously (פעסט ענד פיו'-רי-אס-לי) מיט א ווילדער שנעלקייט.

fast and loose (פעסט ענד לוהס) אזא שווינדלער-שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס מען דארף פערהאלטען א צונויפגעדרעהט רימענדעל אדער שטריקעל, עס זאל זיך ניט אויפדרעהען [ווערט מעהרסטענטייל פראקטיצירט פון שווינדלער צווישען פויערים אויף ירידען]; ניט געזעצט, פערענדערליך, פאלש, וואס מען קען זיך דארויף ניט פערלאזען.

fast bind, fast find (פעסט באינד, פעסט פאינד) אז מען לעגט אוועק אויף אן ארט, געפינט מען אויף אן ארט.

fast boat (פעסט באוט) ביי וואלפישפאנג — א שיפעל, אן וועלכען עס איז בעפעסטיגט דער שטריק פון דעם הארפון, וועלכער ווערט געווארפען אין דעם וואלפיש.

fast col'ors (פעסט קאל'-ארז) ניט בלאקירענדע קאלירען, קאלירען וואס געהען ניט אב.

fast'-day *n.* (פעסט'-דיי) א פאסט-טאג, א תענית.

fas'ten *v.* (פעסן) פעסט בעפעסטיגען, צוזאמענשלאגען, פעראייניגען אדער צוזאמענהאלטען; מאכען פעסט, פעסטשטעלען; פעסט אנהאלטען, זיך אנזעצען.

fas'tener *n.* (פעס'-נער) איינער אדער עטוואס וואס בעפעסטיגט, פערבינדט אדער האלט צוזאמען.

fas'tening *n.* (פעס'-נינג) עטוואס וואס פעראייניגט, בינדט צונויף אדער האלט צוזאמען [ווי א קייט, א האקען, א שטריק, א רינגעל א. ד. ג.].

fas'tening-bar *n.* (פעס'-נינג-באר) א ריגעל.

fas'ten on the mind (פעסן אן טהי מאינד) איינקריצען אין זכרון.

fas'ter *n.* (פעס'-טער) א פאסטער, איינער וואס פאסט.

fast fel'low (פעסט פעל'-או) א הולטאי, א שארלאטאן.

fast freight (פעסט פרייט) פראכט אדער געקויפטע סחורות וואס מען ליעפערט באלד.

fast friends (פעסט פרענדז) אינטימע, נאהענטע, איבערגעבענע פריינד.

fast'-go'er *n.* (פעסט'-גאו'-ער) א שנעלזעגלער, א שנעלע זעגעל-שיף.

fast'-han'ded *a.* (פעסט'-הענ'-דעד) גייציג, קארג.

fastid'ious *a.* (פעס-טיד'-אי-אס) איבערקלייבעריש; וואס איז שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastid'iously *adv.* (פעס-טיד'-אי-אס-לי) אויף אן איבערקלייבערישען אופן; אזוי אז עס איז שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastid'iousness *n.* (פעס-טיד'-אי-אס-נעס) דאס זיין איבערקלייבעריש, דאס זיין שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastig'iate *a.* (פעס-טידזש'-אי-אייט) פערשפיצט, מיט א שפיץ; וועגען ביימער — וואס זייערע צווייגען געהען פאראלעל ארויף-צו.

fastig'iated *a.* (פעס-טידזש'-אי-איי-טעד) ז. *fastigiate*

fastig'iately *adv.* (פעס-טידזש'-אי-אייט-לי) מיט א שפיץ, פערשפיצטערהייט.

fastig'ium *n.* (פעס-טידזש'-אי-אם) דער שפיץ, דער אויבערשטער טייל, דער אויבערשטער ראנד.

fas'ting *n.* (פעס'-טינג) דאס פאסטען; אין די אלטע צייטען, הויפטזעכליך אין אירלאנד — א מיטעל אויפצומאהנען חובות דורך דעם וואס דער מלוה האט זיך אוועקגעזעצט לעבען דעם פערשולדיגטען'ס הויז און האט געפאסט אזוי לאנג ביז ער האט זיין חוב צוריקגעקראגען [ניט צאהלען א חוב אין אזא פאל איז בעטראכט געווארען פאר א גרויסען פערברעכען].

fas'ting-day *n.* (פעס'-טינג-דיי) ז. *fast-day*

fas'tish *a.* (פעס'-טיש) אויסגעלאסען, הולטאיאיש.

fast'land *n.* (פעסט'-לענד) הויך-לאנד.

fast'ness *n.* (פעסט'-נעס) פעסטקייט, שטארקייט; זיכערהייט; א פעסטונג; שנעלקייט; דאס האלטען זיך פעסט; איינגעשלאסענקייט; נאהענטקייט; דויערהאפטיגקייט, בעשטענדיגקייט; אויסגעלאסענהייט, הולטאיסטווא.

fast'-shot *n.* (פעסט'-שאט) א ניט-געלונגענע עקספלאזיאן [אין א מינע].

fast'-train *n.* (פעסט'-טריין) א שנעלצוג.

fat *a., n. and v.* (פעט) פעט, דיק; וואס ענטהאלט פיעל פעך-זאפט [וועגען ביימער]; אומגעלומפערט, שווער, טעמפ, נאריש; רייך; האבענדיג אלעס איבער-גענוג; רייך אין פרוכטען, פראפיטען אדער רעזולטאטען; ברייט [וועגען טיילען פון א שיף]; פעטס, שמאלץ; דער בעסטער אדער פעטסטער טייל; אן אפענע כלי אדער גרוב פאר פליסיגקייטען; פעט מאכען.

fa'tal *a.* (פיי'-טעל) פאטאל, בעשטימט פון שיקזאל; בעשטימענד דעם שיקזאל; אונפערמיידליך, אונאבווענדבאר; אונגליק ברייננגענד, פערדערבליך; טויטליך, פערניכטענד, רואינירענד.

fa'talism *n.* (פיי'-טעל-איזם) פאטאליזם [די לעהרע פון אונפערמיידליכען שיקזאל; דער גלויבען אין מזל, בעשערונג אדער פאראויס-בעשטימונג, אין געגענזאץ צו דעטערמיניזם וואס ערקלערט אלע ערשיינונגען דורך בעשטימטע נאטירליכע אורזאכען].

fa'talist *n.* (פיי'-טעל-איסט) א פאטאליסט. ז. *fatalism*

fatalis'tic *a.* (פיי-טע-ליס'-טיק) פאטאליסטיש, וואס איז שייך צו אדער איז פערבונדען מיט פאטאליזם. ז. *fatalism*

fatal'ity *n.* (פע-טעל'-אי-טי) דאס זיין פאטאל; שיקזאל, מזל; שטערבליכקייט; טויטליכקייט; אן אונגליקספאל; דאס זיין קריטיש אדער געפעהרליך. ז. *fatal*

fa'tally *adv.* (פיי'-טעל-אי) דורך דער אונפערמיידליכער פאראויסבעשטימונג פון שיקזאל; אויף אן אופן וואס פיהרט צו אונגליק אדער פערניכטונג; טויטליך.

fa'talness *n.* (פיי'-טעל-נעס) ז. *fatality*

fa'ta Morga'na (פא'-טא מאהר-גא'-נא) פאטא-מארגאנא, מיראזש. ז. *mirage*

fat'-brained *a.* (פעט'-בריינד) נאריש, טעמפ, מיט א פערשטאפטען קאפ.

fat dab (פעט דעב) א פעטער ביסען.

fate *n.* (פייט) דאס שיקזאל, דאס מזל, דער גורל; דאס בעשערטע; דער טויט.

fa'ted *a.* (פיי'-טעד) בעשטימט פון מזל, בעשערט.

fate'ful *a.* (פייט'-פול) פאטאל; וואס איז אונפערמיידליך; וואס ברייננגט צום טויט.

fate'fully *adv.* (פייט'-פול-אי) אויף א פאטאלען, אונפערמיידליכען אופן.

fate'-like *a.* (פייט'-לאיק) ווי דאס אונפערמיידליכע, ווי דער טויט.

Fates *n.* (פייטס) אין דער גריכיש-רוימישער מיטאלאגיע — די פארצען, די דריי שוועסטער, צעאוס'ס טעכטער, וועלכע בעשטימען דעם שיקזאל פון מענשען. די עלטערע [קלאטא] שפינט דעם פאדים פון לעבען, און ווען די מיטעלע [לאכעזיס] גיט א צייכען, דאן האקט די יונגערע [אנטראפאס] איבער מיט א שערעל דעם פאדים און דער מענש שטארבט.

fat'-faced *a.* (פעט'-פייסט) מיט א דיקען פנים.

fat'-fed *a.* (פעט'-פעד) גוט אויסגעהאדעוועט.

fat'-guts *n.* (פעט'-גאטס) א פוזע, א טרעלבוך [א דיקער בויך].

fat'head *n.* (פעט'-העד) א מין פיש מיט א דיקען קאפ [געפינט זיך אין גרויסע מאסען ארום קאליפארניען און ווערט פיעל געברויכט פון די כינעזער].

Fathead

fat'-head'ed *a.* (פעט'-העד'-עד) מיט א טעמפען קאפ; דום, נאריש.

fat'-hen *n.* (פעט'-הען) א געוויסע פלאנצע וועלכע האט דיקע און זאפטיגע בלעטער; אויסטראלישע שפינאט.

fa'ther *n. and v.* (פא'-טהער) א פאטער; א שטיף-פאטער; איינער וואס האט צוגענומען און האדעוועט א קינד; דער טיטעל פון א קאטוילישען גלח; דער טיטעל פון א סענאטאר אין אלטען רוים; א פאטריארך; דער עלטסטער מיטגליעד פון א פראפעסיאן אדער קערפערשאפט; אן ענטדעקער אדער ערפינדער פון א זאך; ווערען א פאטער פון אימעצען; אנערקענען אלס קינד; צורעכענען אדער צושרייבען אלס קינד.

Fa'ther *n.* (פא'-טהער) דער פאטער אין הימעל, דער רבונו של עולם; גאט.

fa'therhood *n.* (פא'-טהער-הוד) פאטערשאפט; דאס זיין א פאטער.

fa'ther-in-law' *n.* (פא'-טהער-אין-לאה') א שווער, א שוויגערפאטער.

fa'therland *n.* (פא'-טהער-לענד) א פאטערלאנד.

fa'therlasher *n.* (פא'-טהער-לעש-ער)

א מין עסבארער פיש מיט א ברייטען קאפ [ווערט פיעל געפונען אין גרענלאנד].



Fatherlasher

fa'therless *a.* (פאַ'-טהער-לעס) אהן א פאטער; אהן א בעוואוסטען אויטאר [וועגען שריפטען און ערצעהלונגען, וועגען וועלכע מען ווייסט ניט ווער עס האט זיי פערפאסט].

fa'therlessness *n.* (פאַ'-טהער-לעס-נעס) פאטערלאזיגקייט, דאס זיין אהן א פאטער.

fa'therlike *a.* (פאַ'-טהער-לאיק) פאטערליך.

fa'therliness *n.* (פאַ'-טהער-לי-נעס) פאטערליכקייט, פאטערליכע ליעבע.

fa'ther-long'-legs *n.* (פאַ'-טהער-לאהנג'-לעגז) א מין פליג מיט לאנגע פיס.

fa'therly *a.* (פאַ'-טהער-לי) פאטערליך, אזוי ווי א פאטער.

fa'ther of lies (פאַ'-טהער אוו לאיז) דער שטן, דער מחבל.

Fa'thers *n.* (פאַ'-טהערז) די אורעלטערען, די אבות.

fa'thership *n.* (פאַ'-טהער-שיפ) ז. *fatherhood*.

fath'om *n. and v.* (פעטה'-אם) א קלאפטער [א מאס פון 6 פוס]; דער אומפאנג, די גרויס פון עפעס; די טיעפקייט פון אן עניין; אויסמעסטען די טיעף; ערפארשען, ערגרייכען, קומען צום גרונט, דערגרונטעווען.

fath'omable *a.* (פעטה'-אם-עבל) וואס קען אויסגעמאסטען ווערען; וואס קען ערפארשט ווערען, וואס קען דערגרונטעוועט ווערען.

fath'omer *n.* (פעטה'-אם-ער) אן ערפארשער; איינער וואס דערגרונטעוועט זיך.

fath'omless *a.* (פעטה'-אם-לעס) אונערפארשליך, אונערגרינדליך; אהן א גרונט.

fath'om-line *n.* (פעטה'-אם-לאין) א שטריק צום מעסטען טיעפקייטען.

fath'om-wood *n.* (פעטה'-אם-הוואוד) קלאפטער=האלץ, הייץ=האלץ.

fatid'ic *a.* (פיי-טיד'-איק) פראפעצייענד, פאראויסזאגענד; וואס זאגט נביאות.

fatid'ical *a.* (פיי-טיד'-אי-קעל) ז. *fatidic*.

fatid'ically *adv.* (פיי-טיד'-אי-קעל-אי) אויף א פראפעצייענדען אופן; זאגענדיג נביאות.

fatif'erous *a.* (פיי-טיפ'-ע-ראס) פאטאל, פערדערבליך; געפעהרליך; טויטליך.

fat'igate *v.* (פעט'-אי-גייט) פערמאטערען, מיעד מאכען.

fatigue' *n. and v.* (פע-טיג') ערמיעדונג, מיעדקייט; פערמאטערטקייט; די ארבייט פון סאלדאטען וואס בעלאנגט ניט צו די וואפען [ווי שטעהן אויף דער וואך, רייניגונג פון קאזארמעס א. ד. ג.]; ערמיעדען; פאלען שווער; דערעסען.

fatigue'-cap *n.* (פע-טיג'-קעפ) אזא קליין לייכט היטעלע וואס סאלדאטען טראגען ביי דער ארבייט, וועלכע בעלאנגט ניט צו די וואפען.

fatigue'-dress *n.* (פע-טיג'-דרעס) דיא קליידער וואס סאלדאטען טראגען ביי דער ארבייט, וועלכע בעלאנגט ניט צו די וואפען.

fatigued' to death (פעט-איגד' טו דעטה) אויסגעמאטערט צום טויט, טויטמיעד.

fatigue'-du'ty *n.* (פע-טיג'-דיו'-טי) די ארבייט פון סאלדאטען וואס בעלאנגט ניט צו די וואפען, ווי רייניגען די קאזארמעס, מאכען בעפעסטיגונגס=ווערק א. ד. ג.

fati'guingly *adv.* (פע-טי'-גינג-לי) מיעד מאכענדיג, פערמאטערענדיג.

fatis'cence *n.* (פע-טיס'-ענס) א שפאלט; דאס זיין צושפאלטען.

fatis'cent *a.* (פע-טיס'-ענט) צושפאלטען אויף שטיקער.

fat job (פעט דזשאב) א פעטע שטעלע [הויפטזעכליך א פאליטישע].

fat let'ters (פעט לעט'-ערז) פעטע שריפט [דיקע שווארצע אותיות].

fat'ling *n.* (פעט'-לינג) א יונג מאסטפיה [א יונג פעט אבגעקארמעט פיה צום שלאכטען].

fat'ly *adv.* (פעט'-לי) פעט, דיק; פעטליך.

fat'ness *n.* (פעט'-נעס) פעטקייט, דיקקייט; פרוכטבארקייט [פון ערד].

fat'ten *v.* (פעטן) פעט מאכען; אבקארמען, אבשטאפען; מיסטיגען; פעט אדער דיק ווערען.

fat'tener *n.* (פעט'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פעט אדער דיק; איינער וואס קארמעט אב.

fat'tiness *n.* (פעט'-אי-נעס) פעטקייט, דיקקייט.

fat'ty *a.* (פעט'-אי) פעט; וואס ענטהאלט פעטס.

fatu'itous *a.* (פע-טיו'-אי-טאס) נאריש, דום, שוואכקעפיג.

fatu'ity *n.* (פע-טיו'-אי-טי) נארישקייט, דומהייט; שוואכקעפיגקייט.

fat'uous *a.* (פעט'-יו-אס) נאריש, דום; שוואכקעפיג.

fat'-wit'ted *a.* (פעט'-הוויט'-עד) גראבקעפיג; נאריש, דום.

fau'bourg *n.* (פאו'-בוהרג) אן אויסערער שטאדט=קווארטאל; א פארשטאדט.

fau'cal *a. and n.* (פאה'-קעל) וואס איז שייך צום ראכען [דער הינטערשטער טייל פון דער מויל=עפנונג וואס געהט צום האלז]; וואס ווערט ארויסגעשפראכען פון ראכען; א קלאנג וואס ווערט ארויסגעלאזען פון ראכען.

fau'ces *n.* (פאה'-סיז) דער ראכען [דער הינטערשטער טייל פון דער מויל=עפנונג וואס געהט צום האלז].

fau'cet *n.* (פאה'-סעט) א צאפען, א קראן.

fauci'tis *n.* (פאה-סאי'-טיס) א ראכען=ענטצינדונג. ז. *fauces*.

faugh *int.* (פאה) פוי!

fault *n. and v.* (פאהלט) א פערזעהן, א פעהלער; א שולד; א חסרון; א פערלארענע שפור; דאס פערליערען די שפור [וועגען יאגד=הינד]; אין געאלאגיע — די פערשיעבונג פון איינגעבראכענע ערד=שיכטען; אין טענים=שפיעל — א קלאפ וואס טרעפט ניט דעם באל איהם אריינצוווארפען וואו מען דארף; טאדלען.

fault'-block *n.* (פאהלט'-בלאק) אין געאלאגיע — א שטיק איינגעבראכענע, פערשיעבטע ערד=שיכט.

faul'ted *a.* (פאהל'-טעד) אין געאלאגיע — איינגעבראכען און פערשאבען אין מעהרערע ערטער [וועגען אן ערד=שיכט].

fault'finder *n.* (פאהלט'-פאינ-דער) איינער וואס זוכט אדער געפינט חסרונות; א טאדלער; א פאררי‍כטונג אויסצוגעפינען א פעהלער אין אן עלעקטרישער לייטונג.

fault'finding *n. and a.* (פאהלט'-פאינ-דינג) דאס זוכען חסרונות; וואס זוכט חסרונות.

fault'ful *a.* (פאהלט'-פול) פול מיט חסרונות; פול מיט פעהלערן; פול מיט חטאים.

faul'tily *adv.* (פאהל'-טי-לי) אויף א פעהלערהאפטען אופן; פעהלערהאפט.

faul'tiness *n.* (פאהל'-טי-נעס) פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט; זינדיגקייט.

fault'less *a.* (פאהלט'-לעס) אהן חסרונות, אהן פעהלער; פאלקאמען; פעהלער=פריי, טאדעללאז.

fault'lessly *adv.* (פאהלט'-לעס-לי) אויף א טאדעללאזען אדער פעהלער=פרייען אופן; אהן חסרונות.

fault'lessness *n.* (פאהלט'-לעס-נעס) דאס זיין אהן חסרונות; פעהלערלאזיגקייט; פאלקאמענהייט.

faul'ty *a.* (פאהל'-טי) פעהלערהאפט; מיט חסרונות; ניט ריכטיג; שולדיג, טאדעלהאפט.

faun *n.* (פאהן) דער פאון [דער וואלדגאט ביי די פארצייטיגע רוימער, וואס איז געוועזען פארגעשטעלט אין דער געשטאלט פון האלב=מענש און האלב=ציעג].

fau'na *n.* (פאה'-נא) די פאונע, די טהיער=וועלט [די חיות וועלכע געפינען זיך אין א געוויסער געגענד אדער וועלכע האבען עקזיסטירט אין א געוויסער געאלאגישער פעריאדע]; אן אבהאנדלונג וועגען די חיות פון א געוויסער געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

fau'nal *a.* (פאה'-נעל) וואס איז שייך צו דער פאונע. ז. *fauna*.

fau'nist *n.* (פאה'-ניסט) א זאאלאג, א נאטור=פארשער; איינער וואס שטודירט די פאונע. ז. *fauna*.

faunis'tic *a.* (פאה-ניס'-טיק) וואס איז שייך צו די חיות פון א געוויסער געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

fauteuil' *n.* (פאו-טיי') א פאטעל, אן ארם=שטוהל.

faux pas (פאו פא) א פאלשער טריט; א פעהלער, א פערזעהן; א פערגעהן געגען דער אנגענומענער עטהיק.

favil'lous *a.* (פע-וויל'-אס) וואס בעשטעהט פון אש; אשיג.

favo'nian *a.* (פע-וואו'-ני-ען) וואס איז נוגע צו פאווניוס, דעם מערב=ווינד, וועלכער בלאזט אין אנפאנג פריהלינג; גינסטיג; מילד.

fa'vor *n. and v.* (פיי'-ווער) גונסט, חן; בעגינסטיגונג; אונטערשטיצונג; א געפאלען, א טובה; ערלויבניס; א ליעבלינג; דאס אנדעקען; אן ערהאלטענער בריעף אדער צושריפט; בעגינסטיגען; אונטערשטיצען; בעעהרען; בעגנאדיגען; בעוויליגען; גלייך זיין; אויסקוקען ענליך.

fa'vorable *a.* (פיי'-ווער-עבל) געפעלינג; פריינדליך; בעהילפליך; בעקוועם, גינסטיג.

fa'vorable as'pect (פיי'-ווער-עבל עס'-פעקט) א גינסטיגע לאגע.

fa'vorableness *n.* (פיי'-וואר-עבל-נעס) גונסט, חן, גוטקייט; געפעלינקייט.

fa'vorably *adv.* (פיי'-וואר-ע-בלי) אויף א פריינדליכען אופן; אויף א גינ־סטיגען אדער בעקוועמען אופן.

fa'vored *a.* (פיי'-וואָרד) בעגינסטיגט, מיט חן; פון אויסזעהן; געשטאלטעט.

fa'voredly *adv.* (פיי'-וואָרד-לי) אין בעצוג צום אויסזעהן, אופן אדער געשטאל־טונג.

fa'vorer *n.* (פיי'-וואר-ער) א בעגינסטי־גער, א גינער, איינער וואס העלפט דעם צווייטען אין זיין ערפאלג.

fa'voringly *adv.* (פיי'-וואר-אינג-לי) ארויסווייזענדיג פריינדליכקייט; טהוענ־דיג א טובה.

fa'vorite *n. and a.* (פיי'-וואר-איט) א גינסטלינג, א ליעבלינג [איינער אדער עפעס וואס איז בעליעבט]; בעגינסטיגט, בעליעבט.

My cousin John is my father's favorite nephew.

fa'voritism *n.* (פיי'-וואר-אי-טיזם) דאס בעגינסטיגען; דאס ארויסווייזען מעהר פריינדשאפט צו איינעם ווי צו אלע אנדערע.

fa'vorize *v.* (פיי'-וואר-איז) בעגינסטי־גען; זיין צו איינעם פריינדליכער אלס צו אלע אנדערע.

fa'vorless *a.* (פיי'-וואר-לעס) אונבע־גינסטיגט, אונבעליעבט.

favose' *a.* (פע-וואוס) וואס איז ענהליך צו א האניג־פלאטע פון א ביענשטאק.

fa'vus *n.* (פיי'-וואס) א מין הויט־קראנק־הייט, מייסטענס פון דער קאפ־הויט, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט א געלבליכען טרוקענעם אויסשלאג, וועלכער איז ענה־ליך צו דעם אויסזעהן פון א האניג־פלאטע.

fawn *v. and n.* (פאהן) זיך חנפ'ענען, אונטערקריכען, זיך אונטערלעקען ווי א הונד; א יונגער הירש; געבעהרען א היר־שעלע.

fawn'-col'or *n.* (פאהן'-קאל'-אר) העל־געלב־ברוינע פארב.

fawn'-col'ored *a.* (פאהן'-קאל'-ארד) העל־געלב־ברוין.

faw'ner *n.* (פאה'-נער) א חונף, א קרי־כער, א אונטערלעקער.

faw'ning *n.* (פאה'-נינג) חניפה, אונטער־לעקעריי, קריכעריי.

faw'ningly *adv.* (פאה'-נינג-לי) אויף דעם אופן פון א אונטערלעקער אדער חונף.

faw'ningness *n.* (פאה'-נינג-נעס) חניפה, אונטערלעקעריי.

fay *v. and n.* (פיי) צו־ צונויפפאסען; פאסען; א פעע, א צויבעריז, א מכשפה.

F-clef *n.* (עף'-קלעף) אין מוזיק — דער F־שליסעל אדער באס־שליסעל.

fea'berry *n.* (פיע'-בער-אי) א אגרעס.

feague *v.* (פיעג) ענטמוטיגען, אראב־שלאגען פון מוטה.

fe'alty *n.* (פי'-על-טי) טרייהייט, אי־בערגעבענהייט [פון א אונטערטהאן צו זיין הערשער, פון א פרוי צו איהר מאן א. ד. ג.].

fear *n. and v.* (פיער) פורכט, שרעק, מורא; אנגסט, זארג, דאגה; דאס וואס רופט ארויס א מורא; פחד; דאס וואס ווארפט ארויף א שרעק; עהרפורכט אדער יראת הכבוד פאר א העכערען; פירכטען, מורא האבען; דערשרעקען זיך; זיין אין קלעמעניש; צווייפלען.

fear'ful *a.* (פיער'-פול) שרעקעדיג; פירכטערליך, שרעקליך; פורכטזאם; מיט יראת הכבוד.

fear'fully *adv.* (פיער'-פול-אי) אויף א שרעקעדיגען אופן; אויף א פחדנ'ישען שטייגער; מיט יראת הכבוד; פורכטזאם.

fear'fulness *n.* (פיער'-פול-נעס) פורכט־זאמקייט, שרעקעדיגקייט, פורכט, מורא.

fear'less *a.* (פיער'-לעס) פורכטלאז, אונערשראקען.

fear'lessly *adv.* (פיער'-לעס-לי) מיט אונערשראקענהייט.

fear'lessness *n.* (פיער'-לעס-נעס) פורכטלאזיגקייט, אונערשראקענהייט; דאס זיין אהן מורא.

fear'naught *n. and a.* (פיער'-נאהט) א שטארק געפאנצערטע קריעגס־שיף; אזא דיקער וואלענער שטאף אדער בגד, א סערמיגע; וואס האט קיין מורא ניט, וואס שרעקט זיך ניט.

fear'nought *n.* (פיער'-נאהט) ז. ***fearnaught***

fear'some *a.* (פיער'-סאם) פירכטערליך; דערשראקען; טרוסליווע, פחדנות'דיג.

feasibil'ity *n.* (פיע-זי-ביל'-אי-טי) מעג־ליכקייט, דאס קענען געשעהן; פראקטיש־קייט.

fea'sible *a.* (פיע'-זיבל) מעגליך, וואס קען געטהאן ווערען.

The plan to cross the ocean in a balloon is not feasible.

fea'sibleness *n.* (פיע'-זיבל-נעס) ז. ***feasibility***

fea'sibly *adv.* (פיע'-זי-בלי) מעגליכער־ווייזע.

feast *n. and v.* (פיעסט) א סעודה, א מאהלצייט; א פעסט, א יום־טוב; מכבד זיין, בעווירטהען; מאכען פערגניגען, אמו־זירען; באלעווען, מאכען מאהלצייטען; זיך אמוזירען.

feast'-day *n.* (פיעסט'-דיי) א פייערטאג, א יום־טוב.

feas'ter *n.* (פיעס'-טער) איינער וואס נעהמט אויף אדער איז מכבד; א מאהל־צייט־געבער; א בעל־שמחה.

feast'ful *a.* (פיעסט'-פול) פעסטליך, יום־טוב'דיג, פרעהליך.

feas'ting *n.* (פיעס'-טינג) א סעודה.

feast of tab'ernacles (פיעסט אוו טעב'-ער-נעקלז) סכות.

feast of unleav'ened bread (פיעסט אוו אנ-לעוו'נד ברעד) חג המצות [פסח].

feat *n., a. and v.* (פיעט) א טהאט, א העלדענטהאט; קלוג, געשיקט, מיט קענט־שאפט; נעט; מאכען געשיקט, מאכען נעט.

feath'er *n. and v.* (פעטה'-ער) א פע־דער; א פעדער־טשוב; א ציערונג; א פוסטער טיטעל; בעדעקען מיט פעדערען; צומאכען פעדערען צו עפעס; בעציערען; מאכען א פערשמעלערטע ראנד; רודע־רען פלאך [א שיפעל].

feath'er-bed *n.* (פעטה'-ער-בעד) א פע־רינע, א מאטראץ פון פעדערען.

feath'erbone *n.* (פעטה'-ער-באון) פע־דער־ביין [ווערט געברויכט אנשטאט פיש־ביין].

feath'erbrain *n.* (פעטה'-ער-בריין) א לייכטזיניגער מענש.

feath'er-brained *a.* (פעטה'-ער-בריינד) לייכטזיניג.

feath'er-broom *n.* (פעטה'-ער-ברוהם) א פעדערוויש [אזא קליינער בעזים גע־מאכט פון גרויסע פעדערען].

feath'er-edge *n.* (פעטה'-ער-עדזש) דער דינער ברעג אדער זייט פון א ברעט, פון א פלאטע א. ד. ג.

feath'er-edged *a.* (פעטה'-ער-עדזשד) מיט א פערשמעלערטען דינעם ברעג.

feath'er-grass *n.* (פעטה'-ער-גרעס) פעדער־גראז [א מין גראז פון דרום־אייראָ־פא, וואס איז ענהליך צו א פעדער].

feath'er-head *n.* (פעטה'-ער-העד) ז. ***featherbrain***

feath'er-head'ed *a.* (פעטה'-ער-העד'-עד) ז. ***feather-brained***

feath'ering *n.* (פעטה'-ער-אינג) די פע־דערען פון א פויגעל; אין ארכיטעקטור — דער פעסטאָן [א גירלאנדע אויסגעשניצט אדער אויסגעהאקט אויף א וואנד אדער זייל].

feath'er in the cap (פעטה'-ער אין טהי קעפ) אן עהרען־צייכען, אן אויסצייכ־נונג; אן אויפטהוענכטס מיט וועלכען מען קען שטאלצירען.

feath'erless *a.* (פעטה'-ער-לעס) אהן פעדערען.

feath'erlessness *n.* (פעטה'-ער-לעס-נעס) נאקעטקייט, דאס זיין אהן פעדערען.

feath'er-pa'ted *a.* (פעטה'-ער-פיי'-טעד) ז. ***feather-brained***

feath'er-stitch *n.* (פעטה'-ער-סטיטש) א נאט אין האפטען אדער אויסנעהען אין דער פארם פון א פעדער.

feath'er-weight *n.* (פעטה'-ער-וועיט) אין ספארט — די לייכטעסטע וואג, וועלכע איז ערלויבט פאר א פערד צו טראגען אויף זיך אין וועט־לויף; א באקסער אדער פראפעסיאנעלער פויסט־קעמפפער, וועלכער האט אין זיך די מינדעסטע וואג, וואס פא־דערט זיך לויט די רעגעלען פון פויסט־קאמפף; א פחות־ערך, א מענש וואס האט די קנאפסטע בעדייטונג און ווירקונג.

feath'ery *a.* (פעטה'-ער-אי) פעדעריג, מיט פעדערען; גרינג ווי א פעדער.

feat'ly *adv.* (פיעט'-לי) אויף א געשיק־טען אדער פלינקען אופן; מיט פערשטאנד, מיט קענטשאפט.

feat'ness *n.* (פיעט'-נעס) געשיקטליכקייט, פלינקקייט.

feat of strength (פיעט אוו סטרענגטה) גבורה־קונץ.

It is a feat of strength to lift 250 pounds.

fea'ture *n. and v.* (פיע'-טשור) א גע־זיכטס־צוג, דאס געזיכט; דאס אלגעמיינע אויסזעהן פון עפעס; דער כאראקטער פון א זאך; זיין פון דעמזעלביגען אויסזעהן; זיין ענהליך.

fea'tured *a.* (פיע'-טשורד) געשטאלטעט, פארמירט; מיט א בעשטימטען אויסזעהן אדער כאראקטער.

fea'tureless *a.* (פיע'-טשור-לעס) אהן אויסדריקליכע שטריכען; אהן בעשטימ־טען אויסזעהן אדער כאראקטער.

feaze *v. and n.* (פיעז) ארויסציהען פאדים־ווייז; פאנאנדערפלעכטען א שטריק; אנבערעכען די ביינער; זיך אויפרעגען; די אויפרעגונג.

Feb. אבקירצונג פון ***February***

febrifa'cient *a. and n.* (פעב-רי-פיי'-שענט) פיעבערהאפט; דאס וואס פעראור־זאכט פיעבער.

febrif'erous *a.* (פי-בריפ'-ע-ראס) וואס ברייננגט אדער פעראורזאכט פיעבער.

febrif'ic *a.* (פי-בריפ'-איק) וואס פער־אורזאכט פיעבער; פיעבעריש.

febrif'ugal *a.* (פי-בריפ'-יו-געל) וואס פערטרייבט פיעבער.

feb'rifuge *a. and n.* (פעב'-רי-פיודזש) וואס פערטרייבט דעם פיעבער; א מיטעל געגען פיעבער.

feb'ril *a.* (פעב'-ריל) ז. ***febrile***

feb'rile *a.* (פעב'-ריל) וואס איז שייך צו פיבער; פיבערהאפט, קדחת'דיג.

Feb'ruary *n.* (פעב'-רו-ע-רי) דער מאנאט פעברואר.

fe'cal *a.* (פי'-קעל) וואס געהערט צו עקסקרעמענטען [צאה].

fe'ces *n.* (פי'-סיז) עקסקרעמענטען, אויסווארף פון קערפער, טינוף; צאה.

fe'cial *n.* (פי'-שעל) — אין אלטען רוים איינער פון די פריסטער, וועלכע פלעגען זיין קריעגס=העראלדען. זיי פלעגען ערקלערען מלחמה אדער שלום און פלעגען דערביי אבריכטען בעשטימטע רעליגיעזע צערעמאניעס.

fec'ula *n.* (פעק'-יו-לא) קראכמאל.

fec'ulence *n.* (פעק'-יו-לענס) שמוץ; אבזאץ, אבפאל, פסולת.

fec'ulency *n.* (פעק'-יו-לענ-סי) ז. *feculence*.

fec'ulent *a.* (פעק'-יו-לענט) אונריין, מוטנע; בלאטיג, שמוציג.

fec'und *a.* (פעק'-אנד) פרוכטבאר.

fec'undate *v.* (פעק'-אנ-דייט) פרוכטבאר מאכען.

fecunda'tion *n.* (פעק-אנ-דיי'-שאן) די בעפרוכטונג, דאס מאכען פרוכטבאר.

fecun'dity *n.* (פי-קאנ'-די-טי) די פרוכטבארקייט; דאס זיין פרוכטבאר; פריה ורביה.

fed (פעד) געשפייזט, גענעהרט, געפיטערט. ז. *feed*.

fed'eracy *n.* (פעד'-ע-רע-סי) א קאנפעדעראציאן. ז. *confederacy*.

fed'eral *a.* and *n.* (פעד'-ע-רעל) פעדעראליסטיש, וואס איז שייך צו א בונדעס=שטאאט אדער פעדעראטיווען שטאאט [א שטאאט וואס בעשטעהט פון איינינע בעזונדערע שטאאטען אונטער איין צענטראלער רעגיערונג]; וואס איז שייך צו א פערבינדונג אדער אבמאך [הויפטזעכליך פון מלוכות]; וואס איז אן אנהענגער פון א פעדעראטיווען שטאאט אדער בונדעס=שטאאט; אין די פעראייניגטע שטאאטען — וואס איז שייך צו דער פעדעראלער קאנסטיטוציאן, וואס איז אן אנהענגער פון אדער וואס שטיצט די פעדעראלע קאנסטיטוציאן; אין צייט פון בירגערקריעג אין די פעראייניגטע שטאאטען — וואס האט געשטיצט די פעדעראלע רעגיערונג, וואס איז געווען געגען דעם פערזוך פון די זיד=שטאאטען זיך אבצורייסען פון די פעראייניגטע שטאאטען; אן אנהענגער פון א פעדעראציאן פון שטאאטען אדער פון א בונדעס=שטאאט.

Fed'eral Cit'y (פעד'-ע-רעל סיט'-אי) די הויפט=שטאדט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [וואשינגטאן].

Fed'eral Constitu'tion (פעד'-ע-רעל קאנ-סטי-טיו'-שאן) די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

fed'eral di'et (פעד'-ע-רעל דאי'-עט) דער פעדעראלער סיים אדער פארלאמענט פון די אלטע דייטשע מלוכות.

fed'eral gov'ernment (פעד'-ע-רעל גאוו'-ערנ-מענט) די פעדעראלע רעגיערונג, די בונדעס=רעגיערונג.

federalisa'tion *n.* (פעד-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) ז. *federalization*.

fed'eralise *v.* (פעד'-ע-רעל-איז) ז. *federalize*.

fed'eralism *n.* (פעד'-ע-רעל-איזם) פעדעראליזם, די סיסטעם אדער די פרינציפען פון פעדערירטע שטאאטען אדער בונדעס=שטאאטען; די פרינציפען פון דער פעדעראליסטישער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

fed'eralist *n.* (פעד'-ע-רעל-איסט) א פעדעראליסט, אן אנהענגער פון פעדעראליזם אדער פון בונדעס=שטאאטען.

Fed'eralist *n.* (פעד'-ע-רעל-איסט) א מיטגליעד פון דער פעדעראליסטישער פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

federaliza'tion *n.* (פעד-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) די פעראייניגונג [פון שטאאטען] אין א בונדעס=שטאאט; א בונדעס=שטאאט; א פעדעראציאן.

fed'eralize *v.* (פעד'-ע-רעל-איז) פעראייניגען, פערבינדען [הויפטזעכליך שטאאטען אין א בונדעס=שטאאט].

fed'erally *adv.* (פעד'-ע-רעל-אי) אויף א פעראייניגטען אדער פעדעראטיווען שטייגער; אין איינקלאנג מיט אן אבמאך אדער בונד.

Fed'eral par'ty (פעד'-ע-רעל פאר'-טי) די פעדעראליסטישע פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [די פארטיי האט אין אנפאנג געקעמפפט דאפיר, אז די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען ביי דער קאנסטיטוציאנעלער קאנווענציאן אין פילאדעלפיא אין 1787, זאל אנגענומען ווערען פון די ערשטע 13 שטאאטען; שפעטער איז דער הויפטפונקט פון איהר פראגראם געווען א גוטארגאניזירטע פעסטע צענטראל=רעגיערונג. די פארטיי האט עקזיסטירט ביז ארום 1816].

fed'erate *v.* (פעד'-ע-רייט) פעדערירען, פעראייניגען, פערבינדען; בילדען א בונדעס=שטאאט אדער א פעדעראציאן.

federa'tion *n.* (פעד-ע-ריי'-שאן) א פעדעראציאן; א פעראייניגונג, א פערבאנד [פון אונאבהענגיגע פעראיינען]; א פעראייניגונג פון אונאבהענגיגע שטאאטען אין א פעדעראציאן אדער בונדעס=שטאאט; א פעדעראלע רעגיערונג [א רעגיערונג פון א בונדעס=שטאאט, ווי פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, פון דייטשלאנד און פון דער שווייץ].

The Jewish farmers' societies of America are organized into a **federation**.

federa'tionist *n.* (פעד-ע-ריי'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון א פעראייניגונג פון שטאאטען אדער פון א בונדעס=שטאאט [הויפטזעכליך איינער וואס שטרעבט, אז אלע טיילען פון דער בריטאנישער אימפעריע זאלען זיין פעראייניגט אויף פעדעראטיווע יסודות, דאס הייסט, ווי בעזונדערע שטאאטען מיט א צענטראלער רעגיערונג].

fed'erative *a.* (פעד'-ע-ריי-טיוו) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פעראייניגונג אדער פעדעראציאן.

fed'eratively *adv.* (פעד'-ע-ריי-טיוו-לי) אויף'ן אופן פון א פעדעראציאן [פעראייניגונג פון בעזונדערע שטאאטען אונטער איין צענטראלער רעגיערונג]; ווי א פעראייניגונג אדער בונד.

fee *n.* and *v.* (פיע) בעלוינונג, שכירות [פון רעגיערונגס=בעאמטע], האנאראר [געצאהלט פון דאקטוירים, ליטעראטען, אדוואקאטען, לעהרער]; טרינק=געלד; אבצאהלונג פאר ספעציעלע רעכטע אדער דיענסטע [ווי פאר דעם רעכט צו בעלאנגען צו א געזעלשאפט, איינטריטס=געלד אין אמוזירונגס=פלעצער א. ד. ג.]; אין דער פעאדאלער ארדנונג — א לעהן=גוט [א גוט וואס ווערט אוועקגעגעבען אויף א געוויסער צייט פאר געוויסע דיענסטע]; א ירושה=גוט [א גוט וואס ווערט אוועקגעגעבען צו איינעם אויף אייביג, פאר איהם און זיינע יורשים]; א גוט, א מאיאנטעק; אייגענטום; בעזיצונג; בעלוינען; אונטערקויפען; דינגען.

fee'able *a.* (פיע'-עבל) וואס מען קען דינגען אדער אונטערקויפען.

fee'ble *a.* (פיע'בל) שוואך, אבגעשוואכט.

fee'ble-min'ded *a.* (פיע'בל-מאינ'-דער) שוואכזיניג, אידיאטיש.

Feeble-minded children need a special education.

fee'ble-min'dedness *n.* (פיע'בל-מאינ'-דער-נעס) שוואכזיניגקייט.

fee'bleness *n.* (פיע'בל-נעס) שוואכקייט, אבגעשוואכטקייט.

fee'bly *adv.* (פיע'-בלי) שוואך, אבגעשוואכט.

feed *v.* and *n.* (פיעד) פיטערען, פאשען, שפייזען, קארמענען; בעזארגען מיט'ן נויטיגען מאטעריאל [פאר ארבייט, אויפהאלטונג, ענטוויקלונג א. ד. ג.]; זיך שפייזען, זיך זעטיגען, זיך אויפהאלטען, זיך שטיצען; פרעסען; פוטער, פאשע; א פארציאן פוטער; די בעוועגונג אדער די דערנעהנטערונג פון מאטעריאל, וואס א מאשין בעארבייט, צו דעם טייל פון דער מאשין, וועלכער בעארבייט דעם מאטעריאל [ווי פון דעם טוך צו דער מאשין=נאדעל]; דאס מאטעריאל, וואס א מאשין בעארבייט; די בעוועגונג פון א שנייד=אינסטרומענט צו דעם מאטעריאל וואס דארף געשניטען ווערען; די מאס וואסער וואס איז נויטיג אין א קאנאל=שלייז, אום א שיף זאל קענען דורכגעהן.

fee'der *n.* (פיע'-דער) אן ערנעהרער, א פיטערער; אן אויפמונטערער; אן עסער; איינער וואס האדעוועט בהמות צו קוילען זיי; דאס וואס ערנעהרט אדער גיט די נויטיגע מאטעריאלען צום עקזיסטירען; א שטראם, רינע אדער קאנאל, וועלכער פילט אן מיט וואסער דעם הויפט=שטראם אדער טייך; איינער וואס דערלאנגט די מאטעריאלען צו דער מאשין; אן אפאראט דורך וועלכען עס ווערען אויטאמאטיש איבערגעגעבען אין א מאשין די נויטיגע מאטעריאלען, וועלכע זי פערברויכט; אין אן ארגעל — דער קליינער אונטערשטער בלאז=זאק, וועלכער גיט איבער לופט אין דעם גרעסערען אויבערשטען בלאז=זאק; אין א טעאטער=פיעסע — א צוגעשריבענע אונוויכטיגע ראלע, כדי ארויסצוברייינגען בולט'ער די וויכטיגסטע טיילען פון דער פיעסע.

feed high (פיעד האי) לעבען א גוטען טאג.

fee'ding *n.* (פיע'-דינג) נאהרונג, פיטערונג, שפייז.

fee'ding-bag *n.* (פיע'-דינג-בעג) דער שפייז=זאק, דער טרעלבוך, די פוזע.

fee'ding-bot'tle *n.* (פיע'-דינג-באטל) א מילך=פלעשעל פון וועלכען דאס קינד זויגט.

feed'-pipe *n.* (פיעד'-פאיפ) אין א דאמפף=מאשין — די שפייז=ראהר אדער די טרויב, דורך וועלכער דאס וואסער געהט פון דער אויבערשטער ציסטערנע אין קעסעל.

feed'-pump *n.* (פיעד'-פאמפ) די שפייז=פומפ, די פומפ וועלכע טרייבט דאס וואסער אין קעסעל פון א דאמפף=מאשין.

fee'-estate' *n.* (פיע'-עס-טייט') דאס לעהן=גוט [א מאיאנטעק, וואס א פריץ פון

מיטעלאלטער פלעגט אבגעבען זיינעם אן אונטערטהאן און דיעזער פון זיין זייט פלעגט דערפאר אויף זיך אננעהמען געוויסע התחיבות'ען בנוגע צום פריץ].

fee'-farm *n.* (פיע'-פארם) א לאנדגוט וואס ווערט געגעבען אין ארענדע ניט פאר געוויסע פפליכטען אדער דיענסטע פון דעם ארענדאר, נאר פאר א געוויסער סומע וועלכע יענער צאהלט יעהרליך.

feel *v. and n.* (פיעל) פיהלען, עמפפינדען, האבען דאס בעוואוסטזיין [וועגען עפעס]; זיך פיהלען, טאפען; פרובירען; פארשען; זיין גענייגט; עמפפינדונג; עמפפינדונג פון א בעריהרונג.

feel a damp (פיעל ע דעמפ) פיהלען שווער, פיהלען ווי א לאסט.

feel af'ter (פיעל עפ'-טער) זוכען, טאפען [ווי אין דער פינסטער].

feel an in'terest (פיעל ען אינ'-טער-עסט) נעהמען אן אינטערעסע, זיך אינטערעסירען.

feel at home (פיעל עט האום) זיך פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים, זיך פיהלען ווי א פיש אין וואסער.

fee'ler *n.* (פיע'-לער) איינער אדער עטוואס וואס פיהלט, עמפפינדעט אדער טאפט אן; עטוואס וואס דיענט צום אנטאפען [ווי די פיהל-הערנערלעך ביי אינזעקטען אדער די פיהל-פעדים ביי מאלוסקען]; עטוואס מיט דער הילף פון וואס מען "טאפט אן דעם דופק" אדער מען וויל עפעס אויסגעפינען אויף אן אינדירעקטען אופן; עטוואס וואס דיענט אלס פראבע עפעס אויסצוגעפינען אדער אויסצופארשען; דער ערשטער אויסברוך פון שטורם, נאך וועלכען עס קומט א קורצע צייט פון רוה.

fee'less *a.* (פיע'-לעס) אהן א לעהן-גוט, אהן א בעלוינונג. ז. *fee*.

feel for (פיעל פאר) זוכען אין געהיים אדער פארזיכטיג; סימפאטיזירען, מיטפיהלען.

feel hun'gry (פיעל האנ'-גרי) זיין הונגריג.

feel inclined' (פיעל אינ-קלאינד') זיין גענייגט.

I feel inclined to reject your offer, but I shall not do so.

fee'ling *n. and a.* (פיע'-לינג) דאס פיהלען, דאס עמפפינדען, דאס אנטאפען; געפיהל, עמפפינדונג; עמפפינדליכקייט; סענטימענט, שטימונג; דער איינדרוק פון א קונסטווערק; פיהלענד, געפיהלפאל, לעבהאפט געפיהלט, געריהרט, ריהרענד; מיטפיהלענד, אנטייל-נעהמענד.

fee'lingly *adv.* (פיע'-לינג-לי) מיט עמפפינדליכקייט, מיט געפיהל, מיט צארטקייט.

fee'lingly alive' (פיע'-לינג-לי ע-לאיוו') שטארק עמפפינדליך [פאר עפעס].

feel like (פיעל לאיק) זיין געשטימט, זיין גענייגט.

feel one's legs (פיעל הוואנז לעגז) זיך שטעלען אויף די פיס [ווי א קינד ווען עס פאנגט אן צו שטעהן].

feel out (פיעל אוט) אנטאפען דעם דופק, אויספארשען, אונטערזוכען, זאנדירען.

feel snea'ky (פיעל סניע'-קי) האבען דאס געפיהל, אז מען האט נידריג געהאנדעלט.

feel the pulse (פיעל טהי פאלס) 1. פיהלען דעם דופק, אנטאפען דעם דופק; 2. דערגעהן ווי עס האלט.

2. The statesman must always feel the pulse of the people on public questions.

fee sim'ple (פיע סימ'פל) א ירושה-גוט.

fee sim'ple ab'solute (פיע סימ'פל עב'-סא-ליוט) א ירושה-גוט [א גוט וואס ווערט אוועקגעגעבען צו איינעם אויף אייביג, פאר איהם און זיינע יורשים].

feet *n.* (פיעט) פיס. ז. *foot*.

One foot; two feet.

fee tail (פיע טייל) א גוט וואס ווערט אוועקגעשענקט מיט דער בעדינגונג, אז עס זאל איבערגעהן בירושה נור צו געוויסע יורשים. ז. *conditional fee*.

feet fore'most (פיעט פאור'-מאוסט) די פיס אויסגעצויגען, טויט.

feet'less *a.* (פיעט'-לעס) וואס האט ניט קיין פיס.

feign *v.* (פיין) אויסטראכטען, אויסקלערען; ניט ריכטיג פארשטעלען; זיך פערשטעלען; מאכען אן אנשטעל.

feigned *a.* (פיינד) אויסגעטראכט, ניט ריכטיג, פאלש, זיך געמאכט, כלומר'שטדיג.

feig'nedly *adv.* (פיי'-נעד-לי) כלומר'שט, לפנים, דורך אן אנשטעל, אויף א געמאכטען אדער פאלשען שטייגער; אויסגעטראכט.

feig'nedness *n.* (פיי'-נעד-נעס) כלומר'שטדיגקייט, דאס פערשטעלען זיך, דאס זיין לפנים; נארעריי.

feigned pur'chase (פיינד פויר'-טשיים) א קניה לפנים [כלומר'שט געקויפט].

feigned voice (פיינד וואיס) א קוויטשעדיגער קול, א פאלצעט.

feig'ner *n.* (פיי'-נער) אן אויסטראכטער, אן אנשטעל-מאכער.

feign ho'liness (פיין האו'-לי-נעס) געמאכטע, כלומר'שטדיגע הייליגקייט.

feig'ning *a.* (פיי'-נינג) מאכענדיג אן אנשטעל, פערשטעלענדיג, כלומר'שטדיג.

feig'ningly *adv.* (פיי'-נינג-לי) כלומר'שט, דורך אן אנשטעל.

feint *n. and v.* (פיינט) אן אנשטעל, א פאלשע בעוועגונג, אום אבצונארען דעם געגנער [אין א געפעכט, אין מלחמה א. ד. ג.]; מאכען אן אנשטעל, מאכען א פאלשע בעוועגונג, אום אבצונארען דעם געגנער.

feld'sher *n.* (פעלד'-שער) א פעלדשער.

feld'spar *n.* (פעלד'-ספאר) דער פעלדשפאט [א מין גלאז-ארטיגער שטיין].

feld'spath *n.* (פעלד'-ספעטה) ז. *feldspar*.

feldspath'ic *a.* (פעלד-ספעטה'-איק) וואס איז שייך צו פעלדשפאט; וואס ענטהאלט אין זיך פעלדשפאט [אזא גלאז-ארטיגער שטיין].

feldspath'ose *a.* (פעלד-ספעטה'-אוס) ז. *feldspathic*.

felic'itate *v.* (פי-ליס'-אי-טייט) בעגליקען; גליקווינשען, גראטולירען.

He was felicitated on his marriage.

felicita'tion *n.* (פי-ליס-אי-טיי'-שאן) בעגליקונג; גליקווינשונג, גראטולאציאן.

felic'itous *a.* (פי-ליס'-אי-טאס) גליקליך; פארטרעפליך.

felic'itously *adv.* (פי-ליס'-אי-טאס-לי) אויף א גליקליכען אופן; פארטרעפליך.

felic'itousness *n.* (פי-ליס'-אי-טאס-נעס) גליקזעליגקייט.

felic'ity *n.* (פי-ליס'-אי-טי) 1. גליק; גליקזעליגקייט; 2. געשיקטליכקייט אדער פארטרעפליכקייט [פון אן אויסדרוק אדער געדאנק]; 3. א גליקליכער אויסוואהל.

2. This writer is noted for his felicity of expression.

Fe'lidæ *n.* (פי'-לי-דיע) דער קאצען-מין, די חיות וואס בעלאנגען צו דעם קאצען-מין, ווי דער טיגער, דער לייב, דער לעאפארד א. ד. ג.

fe'liform *a.* (פי'-לי-פארם) וואס האט דעם אויסזעהן פון א קאץ.

Feli'næ *n.* (פי-לאי'-ניע) דער מין קעץ.

fe'line *a. and n.* (פי'-לאין) וואס איז שייך צו קעץ; קעציש; קאצען-ארטיג; א קאץ-עהנליכע חיה; א קאץ.

felin'ity *n.* (פי-לינ'-אי-טי) דאס זיין עהנליך צו א קאץ; די אייגענשאפטען אדער כאראקטער פון א קאץ.

Fe'lis *n.* (פי'-ליס) דער קאצען-מין.

fell *v., n. and a.* (פעל) אנידערווארפען, אומווארפען; אבשניידען אדער אבהאקען [א בוים]; גלאט ארומזוימען אדער ארומנעהמען; א גלאטער זוים; א האריגער צודעק, א האר-קרוין; גרויזאם, ווילד.

fell (פעל) געפאלען. ז. *fall*.

fell'able *a.* (פעל'-עבל) וואס קען אומגעווארפען אדער אנידערגעווארפען ווערען; וואס קען אויסגעהאקט ווערען.

fel'lah *n.* (פעל'-אה) א פעלאך [אן עגיפטישער פויער].

fell'er *n.* (פעל'-ער) איינער אדער עטוואס וואס ווארפט אום; איינער וואס האקט אויס בוימער; א מאשין צום אויסהאקען אדער אבזעגען בוימער; א זוימער [איינער וואס זוימט ארום קליידער]; א פארריכטונג צו א נעה-מאשין צום זוימען; א יונגער מאן, וועלכער שדכנ'ט זיך צו א מיידעל [פערגרייזט פון דעם ווארט *fellow*].

fel'lic *a.* (פעל'-איק) גאליג, געמאכט פון גאל.

fell'ing-ax *n.* (פעל'-אינג-עקס) א האק ארונטערצוהאקען בוימער.

fell'ing-saw *n.* (פעל'-אינג-סאה) א זעג וואס ווערט בענוצט צום אויסזעגען בוימער.

fell'-lur'king *a.* (פעל'-לויר'-קינג) לויערענדיג.

fell'monger *n.* (פעל'-מאנ-גער) א פעל-הענדלער.

fell'ness *n.* (פעל'-נעס) גרויזאמקייט, ווילדקייט.

fel'loe *n.* (פעל'-או) די רייף פון א ראד.

fel'low *n. and v.* (פעל'-או) א קאלעגע, א קאמעראד, א חבר, א גענאסע; א גוטער ברודער; א מיטמענש, איינעם'ס גלייכען; איינער פון א פאר; די גלייכע העלפט פון עפעס אדער איינס פון א גלייכע פאר; א מענש, א פערזאן; א יונג, א בחור, א קערל; א מיטגליעד פון א געזעלשאפט אדער פון א קאלעגיום; א געליעבטער; צונויפפארען.

fel'low-cit'izen *n.* (פעל'-או-סיט'-איזן) א מיטבירגער.

fel'low-com'moner *n.* (פעל'-או-קאמ'-אנ-ער) איינער וואס האט א רעכט צו פיטערען זיינע בהמות אויף קהל'שע לאנקעס.

fel'low-coun'cilor *n.* (פעל'-או-קאונ'-סי-לאר) א מיטגליעד פון ראטה-הויז.

fel'low-coun'tryman *n.* (פעל'-או-קאנ'-טרי-מען) א לאנדסמאן.

fel'low-craft *n.* (פעל'-או-קרעפט) דער פריימויערער-געזעל [א פריימויערער פון צווייטען גראד].

fel'low-crea'ture *n.* (פעל'-או-קריע'-

טשור) א מיטמענש; א פראדוקט פון דעמזעלביגען בעשעפער.

fel′low-fee′ling *n.* (פעל׳-או-פיע׳-לינג) מיטפיהלונג, מיטגעפיהל; סימפאטיע; גלייכער אנטייל אין עפּעס.

fel′low-heir *n.* (פעל׳-או-עהר) א מיט־יורש.

fel′low-hel′per *n.* (פעל׳-או-העל׳-פער) א געהילף; א מיטווירקער.

fel′low-like *a.* (פעל׳-או-לאיק) ווי קאמעראדען; קאלעגיאל, פריינדשאפטליך, ברידערליך.

fel′low-man *n.* (פעל׳-או-מען) א מיטמענש.

fel′lowship *n. and v.* (פעל׳-או-שיפּ) קאמעראדשאפט, גענאסענשאפט, ברודערשאפט; שותפות; א קאמפאניע אדער געזעלשאפט פון פערזאנען וואס האבען דיעזעלביגע בעשעפטיגונג; געמיינשאפט; דער כלל אין אריפמעטיק, לויט וועלכען עס ווערט בערעכענט דער חלק פון געווין אדער פערלוסט פון שותפים לויט זייער אנטייל אין געשעפט; האבען געמיינשאפט [מיט אימעצען]; ווערען א חבר אדער א מיטגליעד; אויפנעהמען אלס מיטגליעד פון א קירך אדער סעקטע.

fel′low-sub′ject *n.* (פעל׳-או-סאב׳-דזשעקט) א מיט־אונטערטהאן.

fel′low-wheel *n.* (פעל׳-או-הוויעל) איין ראד פון א פּאר.

fel′ly *n. and adv.* (פעל׳-אי) די רייף פון א ראד; אויף א גרויזאמען אופן.

fel′ly-machine′ *n.* (פעל׳-אי-מע-שין׳) א מאשין צו בויגען די רייפען פון רעדער.

fe′lo *n.* (פי׳-לאו) א פערברעכער.

fe′lo de se (פי׳-לאו די סי) א זעלבסט־מערדער.

fel′on *n. and a.* (פעל׳-אן) א פערברעכער; א נאגעל־געשוויר; שלעכט, פערדארבען, פערברעכעריש.

felo′nious *a.* (פי-לאו׳-ני-אס) שלעכט, פערדארבען; פערברעכעריש; אבזיכטליך [וועגען א פערברעכען].

felo′niously *adv.* (פי-לאו׳-ני-אס-לי) אויף א פערברעכערישען אופן; מיט דער אבזיכט צו בעגעהן א פערברעכען.

fel′onry *n.* (פעל׳-אנ-רי) דאס פערברעכערטום; א פערברעכער־באנדע.

fel′onwort *n.* (פעל׳-אנ-הוואירט) די ביטער־זיס פלאנצע.

fel′ony *n.* (פעל׳-אנ-אי) א גרויס פערברעכען; א פערברעכען וואס ווערט בעשטראפט מיט פערמעגענס־קאנפיסקאציאנען אדער מיט טויט.

fel′site *n.* (פעל׳-סאיט) דער פעלזיט [א שטיין וואס ענטהאלט אין זיך פעלדשפאט].

felsit′ic *a.* (פעל-סיט׳-איק) וואס האט די אייגענשאפטען אדער וואס ענטהאלט פעלזיט. ז. *felsite*.

fel′spar *n.* (פעל׳-ספּאר) ז. *feldspar*.

fel′spath *n.* (פעל׳-ספּעטה) ז. *feldspar*.

felspath′ic *a.* (פעל-ספּעטה׳-איק) ז. *feldspathic*.

felt (פעלט) געפיהלט. ז. *feel*.

felt *n. and v.* (פעלט) פילץ, וואיליק; א פילצענער הוט; פילצען, צונויפוואלען ווי וואיליק אדער פילץ; בעדעקען מיט וואיליק; ווערען ווי וואיליק.

felt′-cloth *n.* (פעלט׳-קלאטה) פילץ־טוך.

felt′-grain *n.* (פעלט׳-גריין) די האלץ־פאזערען אדער האלץ־אדערען וועלכע געהען קווער פון צענטער פון בוים צו דער קארע.

felt′-hat *n.* (פעלט׳-העט) א פילץ־הוט.

fel′ting *n.* (פעל׳-טינג) דאס מאכען פילץ; דאס מאטעריאל פון וועלכען עס ווערט געמאכט פילץ; פילץ־ווארען; דאס שפּאלטען האלץ אין דער ריכטונג פון די פאזערען וואס געהען קווער פון צענטער צום אויסען־זייט.

fel′ting-machine′ *n.* (פעל׳-טינג-מע-שין׳) א מאשין צו מאכען פילץ.

felt′maker *n.* (פעלט׳-מיי-קער) א פילץ־מאכער.

fel′ty *a.* (פעל׳-טי) עהנליך צו פילץ.

feluc′ca *n.* (פי-לאק׳-א) אזא לאנגע, שמאלע רודער־שיף.

Felucca

fel′wort *n.* (פעל׳-הוואירט) גענציאן, א מין ביטער גראז.

fe′male *n. and a.* (פי׳-מייל) א פרוי, א נקבה; א מענש אדער חיה פון ווייבליכען געשלעכט; א פלאנצע מיט די ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען; וואס איז שייך צו א פרוי אדער צום ווייבליכען געשלעכט; אין באטאניק — וואס האט א פיסטיל אדער דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א פרויענצימער; ווייבעריש, שוואך, צארט.

fe′male ag′aric (פי׳-מייל עג׳-ע-ריק) דער פייער־שוואם [א מין שוועמעל וואס וואקסט אויף שטאמען פון אלטע אדער צופוילטע בוימער].

fe′male compan′ion (פי׳-מייל קאמ-פענ׳-יאן) א קאמפאניאנקע [א פרוי וואס דיענט ביי א צווייטער אלס איהר בעגלייטערין].

fe′male flow′er (פי׳-מייל פלאו׳-ער) א ווייבליכע בלום [א בלום וואס האט א פיסטיל אדער דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן פון א פלאנצע].

fe′male plant (פי׳-מייל פּלענט) א ווייבליכע פלאנצע [א פלאנצע וועלכע האט א פיסטיל אדער דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן].

fe′male rhymes (פי׳-מייל ראימז) ווייבליכע ריימען [גראמען אין א געדיכט וואס ענדיגען זיך מיט צוויי זילבען און דער אקצענט איז אויף דער ערשטער].

fe′male screw (פי׳-מייל סקרוה) א לאך מיט א גווינט, אין וועלכען עס דרעהט זיך אריין א שרויף; א מוטערקע, א שרויף־מוטער, א גאיקע.

fe′male sex (פי׳-מייל סעקס) דאס ווייבליכע געשלעכט, דער מין נקבה.

fe′male thread (פי׳-מייל טהרעד) ז. *female screw*.

feme *n.* (פעם) א פרוי, א פרויענצימער.

feme cov′ert (פעם קאוו׳-ערט) א פערהייראטע פרוי, אן עהע־פרוי, א פרוי וואס געפינט זיך אונטער׳ן שוץ פון א מאן.

feme sole (פעם סאול) אין געזעצגעבונג — אן אונפערהייראטע פרוי אדער א פרוי וועלכע איז פערהייראט, איז אבער אונאבהענגיג פון מאן.

fem′icide *n.* (פעמ׳-אי-סאיד) פרויען־מארד, דאס ערמארדען א פרוי.

fem′inacy *n.* (פעמ׳-אי-נע-סי) די פרויען־נאטור, ווייבליכקייט.

fem′inal *a.* (פעמ׳-אי-נעל) ווייבליך, וואס איז שייך צו דער פרוי.

feminal′ity *n.* (פעמ-אי-נעל׳-אי-טי) ווייבליכקייט, די ווייבליכע נאטור.

fem′inine *a.* (פעמ׳-אי-נין) וואס איז שייך צו א פרוי; ווייבליך; פון ווייבליכען געשלעכט; ווייבעריש, שוואך, עדעל.

fem′inine gen′der (פעמ׳-אי-נין דזשענ׳-דער) אין גראמאטיק — דער מין נקבה.

fem′ininely *adv.* (פעמ׳-אי-נינ-לי) אויף א ווייבערישען שטייגער; מעשה פרויענצימער.

feminin′ity *n.* (פעמ-אי-נינ׳-אי-טי) פרויענשאפט; פרויען.

fem′inism *n.* (פעמ׳-אי-ניזם) די אייגענשאפטען פון ווייבער; פרויען־אייגענשאפטען אין א מאנספערזאן; דער פעמיניזם אדער פרויען־בעוועגונג [די בעוועגונג אז פרויען זאלען בעקומען גלייכע בירגערליכע פאליטישע רעכטע ווי די מענער].

femme *n.* (פעם) ז. *feme*.

femme cov′ert (פעם קאוו׳-ערט) ז. *feme covert*.

femme sole (פעם סאול) ז. *feme sole*.

femme sole mer′chant (פעם סאול מויר׳-טשענט) א פרוי וואס פיהרט געשעפטען אונטער איהר אייגענעם נאמען.

fem′oral *a.* (פעמ׳-א-רעל) וואס געהערט צו דער היפט אדער צום דיך.

fem′oral ar′tery (פעמ׳-א-רעל אר׳-טע-רי) די ארטעריע אדער שלאג־אדער פון דיך אדער פון דער פאלקע. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

fe′mur *n.* (פי׳-מויר) דער דיך, די היפט; דער ביין פון דער פאלקע.

fen *n. and v.* (פען) א זומפּ, א בלאטע, א טונדרע; פערבאטען, ניט דערלאזען [ווערט געברויכט אין קינדער־שפּיעל ביי שפּיעלען אין ביינדלעך א. ד. ג.].

fen′berry *n.* (פענ׳-בער-אי) מאך־יאגדע, ברוסניצע. ז. *cranberry*.

fen′-born *a.* (פענ׳-בארן) געבארען אין זומפּ אדער אין בלאטע.

fence *n. and v.* (פענס) די פערטיידיגונג, דער שוץ; די ארומצאמונג; א צאם, א וואנד־מויער, אן ערד־וואל; דאס פעכטען, דאס אבשלאגען דעם געגנער; א שנעלער ענטפער אין א קריעג אדער ויכוח; אין מעכאניק — א פיהרונגס־ראלע אדער מאסשטאב [אן אפּאראט צו רעגולירען דעם גאנג פון אן אינסטרומענט אדער מאשין]; איינער וואס בעהאלט גע׳גנב׳עטע סחורות אדער דער ארט וואו מען בעהאלט זיי; פערטיידיגען; ארומצאמען; זיך שיצען; אבשלאגען דעם געגנער; פעכטען.

fence′ful *a.* (פענס׳-פול) שיצענד, פערטיידיגענד.

fence′less *a.* (פענס׳-לעס) אהן א צאם, אונפערצאמט; אפען; אונבעוואכט.

fence′-month *n.* (פענס׳-מאנטה) א בעשטימטער מאנאט אין יאהר ווען געיעג איז פערבאטען.

fence off (פענס אף) אבוועהרען, אבשלאגען.

fence′-play *n.* (פענס′-פליי) דאס פעכטען.

fen′cer *n.* (פענ′-סער) א פעכטער; איינער וואס לערענט צו פעכטען מיט שווערדען.

fence′-view′er *n.* (פענס′-וויו′-ער) א בעאמטער אין די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער האט אויף זיך די פפליכט צו זעהן, אז עס זאלען געמאכט ווערען צאמען צווישען די פעלדער וואס בעלאנגען צו פערשיעדענע אייגענטימער.

fen′cible *a.* (פענ′-סיבל) וואס קען פערטיידיגט ווערען; וואס איז שייך צו מיליץ אדער צו די סאלדאטען, וועלכע דיענען צום אינערליכען שוץ.

fen′cibles *n.* (פענ′-סיבלז) מיליץ [סאלדאטען וואס דיענען צום אינערליכען שוץ].

fen′cing *n.* (פענ′-סינג) דאס אומצאמען, די פערצאמונג; די פעכט⸗קונסט, דאס פעכטען.

fen′cing-school *n.* (פענ′-סינג-סקוהל) א פעכט⸗שולע [א שולע, אין וועלכער מען לערענט זיך פעכטען].

fen′-cress *n.* (פענ′-קרעס) די וואסער⸗קרעס [א מין גראז מיט קליינע געלבע אדער ווייסע בליטהען און מיט פעדער⸗בלעטלעך. די בלעטלעך ווערען אפט געברויכט אלס סאלאט און איבערהויפט אין מעדיצין].

fen′-crick′et *n.* (פענ′-קריק′-עט) א מין גריל וואס גראבט זיך אין דער ערד.

fend *v.* (פענד) פערטיידיגען, בעשיצען; אבוועהרען, אבשלאגען, ניט דערלאזען, פערביעטען.

fen′der *n.* (פענ′-דער) א שיצער; א שוץ⸗מיטעל געגען עפעס; א שוץ⸗געשיר אין אן אויווען צום פערהיטען אז קוילען אדער פייער זאלען ניט ארויס אויף דער ערד; עפעס וואס ווערט אנגעבונדען אן א שיף צו פערהיטען, אז זי זאל זיך ניט אברייבען אן דער לאנדונגס⸗וואנד אדער אן א גרעסערער שיף; א נעץ⸗פערמיגע שוץ⸗פאררריכטונג אין פראנט פון א טראמוואי⸗וואגאן.

fen′der-beam *n.* (פענ′-דער-ביעם) א באלקען, וואס הענגט אראב האריזאנטאל פון דער זייט פון א שיף, כדי די שיף זאל זיך ניט צושעדיגען ביים אבשלאגען זיך אן ברעג פון האפען אדער אן אן אנדער שיף; דער באלקען מיט בופערס אויף דעם ענד פון אן אייזענבאהן⸗ליניע צו פערהאלטען די וואגאנען אז זיי זאלען ניט אראבגעהען פון די רעלסען.

fen′der-bolt *n.* (פענ′-דער-באולט) א טשוואק אדער באלט מיט אן ארויסגעשטארצטען ברייטען קעפעל.

fen′der-pile *n.* (פענ′-דער-פאיל) דער האלט⸗קלאץ [איינער פון א צייל קלעצער וואס זיינען אנגעשלאגען ארום א בנין צו פערהיטען איהם פון אן אבקלאפונג].

fend for one's self (פענד פאר הוואנז סעלף) זארגען פאר זיך אליין.

fen′-duck *n.* (פענ′-דאק) א ווילדע ענטעל, וואס האלט זיך אויף זומפיגע ערטער.

fenes′tral *a.* (פי-נעס′-טרעל) פענסטער⸗ארטיג, וואס איז שייך צו א פענסטער; וואס האט דורכזיכטיגע פלעקען [וועגען אינזעקטען]; וואס האט א גרויסע עפענונג, ווי א פענסטער [וועגען פלאנצען].

fenes′trate *a.* (פי-נעס′-טרייט) וואס איז שייך צו פענסטער, וואס איז עהנליך צו פענסטער; וואס האט דורכזיכטיגע פלעקען [וועגען אינזעקטען]; וואס האט א גרויסע עפענונג ווי א פענסטער [וועגען פלאנצען]; וואס האט פענסטער, וואס צייכענט זיך אוים מיט א ספעציעלען פענסטער⸗בוי [וועגען געביידען].

fenes′trated *a.* (פי-נעס′-טריי-טעד) ז. *fenestrate*

fenestra′tion *n.* (פענ-עס-טריי′-שאן) דער פענסטער⸗בוי, דאס פענסטער⸗ווערק [אין א געביידע]; דאס אויסשטעלען די פענסטער אזוי, אז זיי זאלען זיין דאס הויפט כאראקטעריסטישע אין א געביידע; דאס האבען דורכזיכטיגע פלעקען [וועגען חיות].

fen′-fowl *n.* (פענ′-פאול) א בלאטע⸗פויגעל [א פויגעל וואס האלט זיך אין זומפיגע ערטער].

fen′-goose *n.* (פענ′-גוהס) די זומפ⸗גאנז.

Fe′nian *a. and n.* (פי′-ני-ען) פעניש, וואס איז שייך צו די אלטע האלב⸗לעגענדארישע אירלענדישע שבטים און די לעגענדען וועגען זיי [דער הויפט⸗העלד פון דיעזע לעגענדען איז פין אדער פינד אדער פיאן]; א מיטגליעד פון דיעזע שבטים; וואס איז שייך אדער וואס בעלאנגט צו די פעניער [א רעוואלוציאנערע אירלענדישע פארטיי וואס האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק אין 1851 און האט זיך נאכדעם פערשפרייט אויך אין אירלאנד און ענגלאנד. אין אמעריקא האט די פארטיי בעצוועקט צו בעפאלען קאנאדא, אין אירלאנד האט זי עטליכע מאל געפרובט ארויסרופען אן אויפשטאנד געגען ענגלאנד]; א פעניער.

Fe′nianism *n.* (פי′-ני-ען-איזם) פעניעניזם, די פרינציפען און די פאליטישע טעטיגקייט פון די פעניער.

Fen′nian *a. and n.* (פענ′-אי-ען) וואס איז שייך צו די אלטע האלב⸗לעגענדארישע אירלענדישע שבטים און די לעגענדען וועגען זיי; א מיטגליעד פון דיעזע שבטים. ז. *Fenian*

fen′land *n.* (פענ′-לענד) א זומפיגע געגענד.

fen′lander *n.* (פענ′-לענ′-דער) אן איינוואהנער פון א זומפיגער געגענד.

fen′man *n.* (פענ′-מען) אן איינוואהנער פון א זומפיגער געגענד.

fen′nec *n.* (פענ′-עק) א קליינער אפריקאנישער ווייסליכער פוקס מיט לאנגע, פערשפיצטע אויערען.

Fennec

fen′nek *n.* (פענ′-עק) ז. *fennec*

fen′nel *n.* (פענ′-על) פענכעל, אוקראפ, קימעל⸗גראז [אזא שמעקעדיגע פלאנצע מיט געלבע בליטהען].

fen′nel-flow′er *n.* (פענ′-על-פלאו′-ער) דער שווארצקימעל [א מין פלאנצע].

fen′nel-seed *n.* (פענ′-על-סיעד) דער זאמען פון אוקראפ [קימעל⸗גראז, פענכעל].

fen′nel-wa′ter *n.* (פענ′-על-הוואה′-טער) א ליקער, א געטראנק געמאכט פון די זאמען פון אוקראפ [קימעל⸗גראז, פענכעל].

fen′nish *a.* (פענ′-איש) זומפיג.

fen′ny *a.* (פענ′-אי) זומפיג; וואס וואקסט אדער לעבט אין זומפען.

fen′ugreek *n.* (פענ′-יו-גריעק) באקס⸗הארנקלעע, גריכיש היי [אזא פלאנצע].

feod *n.* (פיוד) ז. *feud*

feo′dal *a.* (פיו′-דעל) ז. *feudal*

feodal′ity *n.* (פיו-דעל′-אי-טי) ז. *feudality*

feo′dary *n.* (פיו′-דע-רי) ז. *feudary*

feoff *v. and n.* (פעף) אין דער פעאדאלער ארדנונג — געבען א לעהן⸗גוט [געבען אין בעזיץ לאנד⸗אייגענטום פאר געוויסע דיענסטע, ווי די פארצייטיגע גרויסע פריצים פלעגען געבען אין בעזיץ גיטער צו די קלענערע מיט דער בעדינגונג דאס יענע זאלען זיי לייסטען מיליטערישע און אנדערע דיענסטע]; אזא לאנד⸗בעזיץ.

feoffee′ *n.* (פע-פיע′) לויט די פעאדאלע געזעצען — א פערזאן וועלכען עס ווערען איבערגעגעבען גיטער אין בעזיץ פאר געוויסע דיענסטע צום הערר. ז. *feoff*

feoff′er *n.* (פעפ′-ער) אין דער פעאדאלער ארדנונג — איינער וואס גיט איבער לאנד⸗אייגענטום צו א צווייטען פאר געוויסע דיענסטע. ז. *feoff*

feoff′ment *n.* (פעפ′-מענט) אין דער פעאדאלער ארדנונג — דאס געבען גיטער אין בעזיץ פאר געוויסע דיענסטע צום הערר; דער דאקומענט וועגען איבערגעבען גיטער אויף אזא אופן. ז. *feoff*

feoff′or *n.* (פעפ′-אר) ז. *feoffer*

fera′cious *a.* (פי-ריי′-שאס) פרוכטבאר.

ferac′ity *n.* (פי-רעס′-אי-טי) פרוכטבארקייט.

fe′ræ *n.* (פי′-ריע) ווילדע חיות.

fe′ræ natu′ræ (פי′-ריע נע-טיו′-ריע) חיות אין א ווילדען צושטאנד [אין געגענזאץ צו הויז⸗טהיערע].

fe′ral *a.* (פי′-רעל) וואס איז שייך צו ווילדע חיות; וואס לעבען אין א ווילדען צושטאנד [וועגען חיות, אין געגענזאץ צו הויז⸗טהיערע]; וואס האט זיך צוריק אומגעקעהרט צו א ווילדען צושטאנד [וועגען הויז⸗טהיערע]; ווי א ווילדע חיה; ווילד, ברוטאל, גרויזאם; אין אסטראלאגיע — וואס האט ניט קיין נאהענטע פערבינדונג מיט אנדערע פלאנעטען; טרויעריג, וואס איז שייך צו א לויה אדער צו א טויטען⸗בעערדיגונג; פערדערבליך, טויטליך, אכזריות′דיג.

fer′etory *n.* (פער′-ע-טא-רי) דער רעליקוויען⸗קאסטען [דער קאסטען אין קלויסטער, וואו עס ליעגען די ביינער פון די הייליגע]; דאס ארט, וואו דער רעליקוויען⸗קאסטען שטעהט.

fer′etrum *n.* (פער′-ע-טראם) ז. *feretory*

fe′rial *a.* (פי′-רי-על) וואס געהערט צו ימים⸗טובים.

fe′rine *a. and n.* (פי′-רין) ווילד, וואס געפינט זיך אין א ווילדען צושטאנד [וועגען חיות]; גרויזאם, פערדארבענד; א ווילדע חיה; א רויב⸗טהיער.

fe′rinely *adv.* (פי′-רינ-לי) ווי א ווילדע חיה, ווי א רויב⸗טהיער; מיט ווילדקייט, מיט גרויזאמקייט.

fe′rineness *n* (פי'-רינ-נעס) ווילדקייט, גרויזאמקייט.

fer′ity *n.* (פער'-אי-טי) ז. *ferineness*

fer′ment *n.* (פויר'-מענט) געהרונג, איהרונג; עטוואס וואס קען ארויסרופען איהרונג; ריהרונג, רעגונג, אויפברויזונג.

ferment′ *v.* (פויר-מענט') געהרען, איהרען, ארויסרופען איהרונג; אויפרודערען, אויפברויזען, אויפרעגען; זיין אויפגערעגט, זיין אויפגערודערט.

fermentabil′ity *n.* (פויר-מען-טע-ביל'-אי-טי) איהרונגס אדער געהרונגס=פעהיגקייט.

fermen′table *a.* (פויר-מענ'-טעבל) געהרונגס אדער איהרונגס=פעהיג.

fermenta′tion *n.* (פויר-מענ-טיי'-שאן) די געהרונג, איהרונג; אויפרודערונג, אויפרעגונג.

fermen′tative *a.* (פויר-מענ'-טיי-טיוו) וואס רופט ארוים געהרונג אדער איהרונג; וואס קומט פון אדער איז עהנליך צו געהרונג.

fermen′tativeness *n.* (פויר-מענ'-טיי-טיוו-נעס) דאס האבען די פעהיגקייט ארויסצורופען געהרונג אדער איהרונג; דאס האבען דעם כאראקטער פון געהרונג.

fermen′tible *a.* (פויר-מענ'-טיבל) ז. *fermentable*

fermen′tive *a.* (פויר-מענ'-טיוו) ז. *fermentative*

fer′ment-or′ganism *n.* (פויר'-מענט-אר'-גענ-איזם) געהרונגס=ארגאניזם, הייוועז=מיקראבעז.

fern *n.* (פוירן) פארנקרויט, פארן, פאפאראטניק [אזא פלאנצע].

Fern

fern′-bee′tle *n.* (פוירנ'-ביעטל) א יאנים=קעפער, א זשוק וואס האלט זיך אויף אין פארנקרויט [פאפאראטניק].

fer′nery *n.* (פויר'-נע-רי) א פלאץ, וואו פארנען וואקסען, א פארנקרויט=פלאנטאציע.

fern′-owl *n.* (פוירנ'-אול) די נאכט=שוואלב [א מין פויגעל].

fern′-seed *n.* (פוירנ'-סיעד) די זאמען פון פארנקרויט אדער פאפאראטניק [לויט'ן פאלקס=גלויבען, האבען די זאמען די וואונדערבארע קראפט צו מאכען אונזיכטבאר יעדען, ווער עס טראגט זיי מיט זיך].

fer′ny *a.* (פויר'-ני) שטארק בעוואקסען מיט פארנען [פאפאראטניקעס].

fero′cious *a.* (פי-ראו'-שאס) ווילד, גרויזאם.

fero′ciously *adv.* (פי-ראו'-שאס-לי) מיט ווילדקייט, מיט גרויזאמקייט.

fero′ciousness *n.* (פי-ראו'-שאס-נעס) ווילדקייט, גרויזאמקייט.

feroc′ity *n.* (פי-ראס'-אי-טי) ז. *ferociousness*

fer′rean *a.* (פער'-אי-ען) ז. *ferreous*

fer′reous *a.* (פער'-אי-אס) וואס איז נוגע אדער עהנליך צו אייזען; געמאכט פון אייזען; וואס זעהט אוים ווי פאלירט אייזען [וועגען אינזעקטען].

fer′ret *n. and v.* (פער'-עט) א פרעט=וויעזעל [א מין טכויר, וועלכען מען האלט אין די הייזער צו פערניכטען מייז און ראטען און מיט וועלכען מען פיהרט אויף יאגד אויף קראליקעס און אנדערע חיה'לעך, וועלכע לעבען אין לעכער]; ביי גלאזארבייט — א שטיק אייזען צו פרובירען דאס צושמאלצענע גלאז; א טאשמע, א סטענגע; ארויסיאגען פון א בעהעלטעניש; אויסשפיאנירען; פיהרען א יאגד מיט דער הילף פון א פרעט=וויעזעל.

Ferret

fer′reter *n.* (פער'-עט-ער) איינער וואס בענוצט זיך מיט א פרעט=וויעזעל צו פערניכטען מייז, ראטען, קראליקעס א. ד. ג.; איינער וואס רייסט זיך אריין אין פרעמדע פריוואטע אנגעלעגענהייטען [אום אויפצודעקען געהיימניסע]. ז. *ferret*

fer′ret eyes (פער'-עט איז) רויטע, ברענענדע אויגען.

fer′reting *n.* (פער'-עט-אינג) א יאגד מיט דער הילף פון פרעט=וויעזלען. ז. *ferret*

fer′ret out (פער'-עט אוט) אויסזוכען, אויסגראבען פון אונטער דער ערד, ארויסטרייבען פון ערגעץ.

fer′riage *n.* (פער'-אי-עדזש) די פאהר=מיטלען איבער א וואסער; דאס אריבערפאהרען אדער אריבערפיהרען איבער א וואסער; דאס פאהר=געלד איבער א וואסער.

fer′ric *a.* (פער'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון אייזען.

fer′ric ac′id (פער'-איק עס'-איד) אייזען=זויערע [א כעמישער שטאף].

ferrical′cite *n.* (פער-אי-קעל'-סאיט) קאלך=ערד, וואס ענטהאלט אין זיך אייזען.

fer′ric ox′id (פער'-איק אק'-סיד) אייזען=אקסיד.

ferrif′erous *a.* (פע-ריפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אייזען.

ferriv′orous *a.* (פע-ריוו'-א-ראס) אייזען=פרעסענד, וואס פרעסט אוים אייזען.

ferrocyan′ic ac′id (פער-או-סאי-ענ'-איק עס'-איד) אייזען=בלוי=זויערע [א כעמישער וויים=קריסטאליזירטער שטאף].

ferrocy′anide *n.* (פער-או-סאי'-ע-ניד) פעראסיאניד, אייזען=בלוי זויער=זאלץ.

ferroprus′siate *n.* (פער-או-פראש'-יעיט) דאס אייזען=בלוי זויער=זאלץ.

ferroprus′sic ac′id (פער-או-פראס'-איק עס'-איד) אייזען=בלוי=זויערע.

fer′rotype *n.* (פער'-א-טאיפ) א פאטאגראפיש בילד גענומען אויף א דינעם שטיקעל בלעך אדער אייזען.

ferru′ginated *a.* (פע-רו'-דזשי-ניי-טעד) וואס האט דעם קאליר אדער די אייזענשאפטען פון אייזען=ראסט [רויטליך=ברוין].

ferrugin′eous *a.* (פער-או-דזשינ'-אי-אס) ז. *ferruginous*

ferru′ginous *a.* (פע-רו'-דזשי-נאס) וואס האט דעם קאליר פון אייזען=ראסט [רויטליך=ברוין]; וואס איז עהנליך צו אייזען; וואס ענטהאלט אייזען.

ferru′go *n.* (פע-רו'-גאו) אזא קראנקהייט ביי פלאנצען, וועלכע בעשטעהט אין אן אנוואוקס, עהנליך צו אייזען=ראסט.

fer′rule *n.* (פער'-אול) א סקאווקע, א מעטאלענער רינג [ארום א זייל, ביים אונטערשטען ענד פון א שטעקען א. ד. ג.]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א סקאווקע; דער ראהם פון א שיפער=טאוועל [א שרייב=טאוועל].

fer′ruled *a.* (פער'-אולד) בעזארגט אדער בעפעסטיגט מיט סקאווקעס אדער מעטאלענע רינגען.

fer′ry *v. and n.* (פער'-אי) אריבערפיהרען אדער איבערפאהרען א טייך אויף א פאראם אדער שיף; א פעהרע, א פאראם אדער א שיף וואס פיהרט פון איין ברעג טייך צום צווייטען אדער אין א האפען; דער וואסער=וועג, אויף וועלכען מען פיהרט פראכט און פאסאזשירען פון איין ברעג טייך אויף'ן צווייטען אדער אין א האפען; דאס פיהרען פראכט און פאסאזשירען אויף אזא וואסער=וועג; דאס געזעצליכע רעכט צו פיהרען פראכט און פאסאזשירען אויף אזא וואסער=וועג.

fer′ry-boat *n.* (פער'-אי-באוט) א פאראם, א פעהרע, אן איבערפיהר=שיף איבער א טייך אדער א האפען.

fer′ry-bridge *n.* (פער'-אי-ברידזש) א פאראם, א פעהרע; דאס פאראם=בריקעל, דאס פעהרע=בריקעל [א בריקעל וואס לעגט זיך ארויף פון ברעג אויף'ן פאראם אדער אויף דער פעהרע און פעראייניגט זיי אויף אזא אופן מיט'ן ברעג].

fer′ryman *n.* (פער'-אי-מען) א פאראמשטשיק, איינער וואס פיהרט א פאראם אדער א פעהרע [א שיף וואס געהט פון איין ברעג צום צווייטען אויף א טייך אדער אין א האפען].

fer′ry-mas′ter *n.* (פער'-אי-מעס'-טער) אן אויפזעהער פון א פעהרע אדער פאראם; אן אויפזעהער פון א פעהרע=סטאציאן; דער וואס זאמעלט דאס פאהר=געלד אויף א פאראם אדער פעהרע.

fer′tile *a.* (פויר'-טיל) פרוכטבאר, שטארק פראדוקטיוו, ערפינדעריש; רייך [אין פראדוקטען אדער מיטלען]; ארויסברייננגענדיג פרוכט, פעהיג ארויסצוברייננגען פרוכט, וואס האט א פאלקאמענעם פיסטיל אדער ווייבליכען געשלעכטס=ארגאן [ביי פלאנצען]; בעפרוכטעט [וועגען ביענען].

fer′tilely *adv.* (פויר'-טיל-לי) אויף א פרוכטבארען אופן; אין א גרויסער מאס אדער צאהל; פראדוצירענדיג פיעל.

fer′tileness *n.* (פויר'-טיל-נעס) ז. *fertility*

fertilisa′tion *n.* (פויר-טי-לי-זיי'-שאן) ז. *fertilization*

fer′tilise *v.* (פויר'-טי-לאיז) ז. *fertilize*

fer′tiliser *n.* (פויר'-טי-לאי-זער) ז. *fertilizer*

fertil′ity *n.* (פויר-טיל'-אי-טי) פרוכטבארקייט; שטארקע פראדוקטיוויטעט; רייכקייט [אין פראדוקטען אדער מיטלען], דאס זיין ערפינדעריש.

fer'tilizable *a.* (פויר'-טי-לאי-זעבל) בעפרוכטבאר, וואס קען בעפרוכטעט ווערען [וועגען חיות און פלאנצען]; וואס קען געמאכט ווערען פרוכטבאר [וועגען ערד].

fertiliza'tion *n.* (פויר-טי-לי-זיי'-שאן) בעפרוכטונג [פון חיות און פלאנצען]; דאס מאכען פרוכטבאר, דאס בעמיסטיגען [ערד].

fer'tilize *v.* (פויר'-טי-לאיז) מאכען פרוכטבאר [לאנד]; בעפרוכטען [וועגען חיות און פלאנצען].

fer'tilizer *n.* (פויר'-טי-לאי-זער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פרוכטבאר אדער וואס בעמיסטיגט; בעמיסטיגונג.

fer'ula *n.* (פער'-או-לא) א הערשער-שטאק [שבט מושלים]; א סצעפטער [בעזאנדערס פון די אמאליגע ביזאנטישע הערשער].

Fer'ula *n.* (פער'-או-לא) אזא מין פלאנצען וואס זיינען פערשפרייט אין צענטראל-אזיען און אין זיד-אייראפא [זיי וואקסען גרויס, האבען געשפאלטענע בלעטער און א געלבליכע בליהונג און ווערען בענוצט אין פערשיעדענע מעדיציגען].

fer'ule *n.* and *v.* (פער'-אול) א שטעקען, א רוט; א ווירע [ליניאל], מיט וועלכער מען בעשטראפט קינדער אין שוהל; שלאגען מיט א רוט אדער ווירע.

fer'vency *n.* (פויר'-וועג-סי) היץ; אייפער, היציגקייט.

fer'vent *a.* (פויר'-וועגט) הייס, ברענענד, גליהענד; היציג, העפטיג, אייפריג.

fer'vently *adv.* (פויר'-וועגט-לי) מיט היץ; ברענענדיג; מיט העפטיגקייט, מיט אייפער.

ferves'cent *a.* (פויר-וועס'-ענט) אייפריג, העפטיג, היציג.

fer'vid *a.* (פויר'-וויד) ז. *fervent*.

fervid'ity *n.* (פויר-וויד'-אי-טי) היץ; היציגקייט; העפטיגקייט; אייפער.

fer'vidly *adv.* (פויר'-וויד-לי) ז. *fervently*.

fer'vidness *n.* (פויר'-וויד-נעס) ז. *fervidity*.

fer'vor *n.* (פויר'-וואר) היץ, בראנד; אייפער, העפטיגקייט, היציגקייט.

fes'cue *n.* (פעס'-קיו) א טייטעל [צום לערנען]; שווינגעל-גראז [אזא שפיציג גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס].

fess *n.* (פעס) דער פאסיק פון א בענזונדערען קאליר, וואס ציהט זיך איבער דער ברייט פון א שילד [וואפען].

fesse *n.* (פעס) ז. *fess*.

fes'tal *a.* (פעס'-טעל) פעסטליך, יום-טוב'דיג; פרעהליך.

fes'tally *adv.* (פעס'-טעל-אי) אויף א יום-טוב'דיגען אופן; אין א פרעהליכער שטימונג.

fes'ter *n.* and *v.* (פעס'-טער) א געשוויר, א פרישטש; אייטערען [ווי א וואונד]; מאכען עס זאל אייטערען; פערפוילט ווערען; ווערען אויפגעבראכט אדער ערביטערט.

fes'tival *n.* and *a.* (פעס'-טי-וועל) א פעסט-טאג, א פעסט, א יום-טוב; פעסטליך, יום-טוב'דיג; פרעהליך.

fes'tive *a.* (פעס'-טיוו) פעסטליך, יום-טוב'דיג; פרעהליך.

fes'tively *adv.* (פעס'-טיוו-לי) אויף א יום-טוב'דיגען אדער פרעהליכען אופן.

festiv'ity *n.* (פעס-טיוו'-אי-טי) פעסטליכקייט; פרעהליכקייט; א יום-טוב.

festoon' *n.* and *v.* (פעס-טוהן') א פעסטאן, א שטריק אדער א קייט וואס הענגט צווישען צוויי פונקטען [בעזאנדערס אזא קייט אדער גירלאנדע פון בלומען, בענדער, בלעטער א. ד. ג.]; א בלומען-גירלאנדע וואס הענגט צווישען צוויי פונקטען, אויסגעהאקט אין שטיין אלס פערציערונג פון א געביידע; פערציערען מיט א פעסטאן.

Festoon

festoo'ny *a.* (פעס-טוה'-ני) בעציערט מיט א פעסטאן. ז. *festoon*.

fe'tal *a.* (פי'-טעל) וואס איז שייך צו א פעטוס. ז. *fetus*.

feta'tion *n.* (פי-טיי'-שאן) שוואנגערשאפט.

fetch *v.* and *n.* (פעטש) ברענגען; בריינגען צוטראגען; איינברענגען; ערציעלען; ערהייכען; געבען, דערלאנגען [א קלאפ]; ארויסלאזען [א זיפץ]; מאכען, טהאן [א שפרונג]; אנציהען, רייצען; זיך בעוועגען; קומען צו עפעס, טרעפען; דאס ברענגען, דאס אריבערברענגען; א קונצשטיק, א קונץ; די ערשיינונג פון א גייסט.

fetch a blow (פעטש ע בלאו) א זעץ טהאן, א קלאפ טהאן.

fetch a com'pass (פעטש ע קאמ'-פעס) מאכען אן אומוועג.

fetch a leap (פעטש ע ליעפ) א שפרונג טהאן.

fetch and car'ry (פעטש ענד קער'-אי) לייסטען דיענסט [וועגען געלערענטע הינד]; א

fetch a pump (פעטש ע פאמפ) לאזען אנזויגען די פומפ דורך דעם וואס מען גיסט אין איהר אריין אביסעל וואסער.

fetch a sigh (פעטש ע סאי) א זיפץ טהאן.

fetch a walk (פעטש ע וואהק) דורכגעהן זיך שפאצירען.

fetch away' (פעטש ע-הוויי') לויז ווערען, אומגעשליידערט ווערען [וועגען זאכען אויף א שיף].

fetch breath (פעטש ברעטה) כאפען דעם אטהעם.

fetch down (פעטש דאון) ארונטערברייגען; ארונטעררופען; דערנידריגען, אונטערטהעניג מאכען.

fetch'er *n.* (פעטש'-ער) איינער וואס בריינגט.

fetch o'ver (פעטש או'-ווער) אריבערבריינגען; אבנארען, בעטריגען.

fetch through (פעטש טהרוה) דורכבריינגען, דורכשלעפען [דורך א געפעהרליכער לאגע].

fetch up (פעטש אפ) זיך פלוצים אבשטעלען; ארויפבריינגען, אראבבריינגען; עריהען, אויפהאדוועו; קומען צו זיך.

fête *n.* and *v.* (פייט) א פעסט, א יום-טוב; פייערען, מאכען א יום-טוב.

fête champêtre' (פייט שאמ-פעטר') א פעסט אויף דער פרייער לופט.

fête'-day *n.* (פייט'-דיי) א יום-טוב, א פייערטאג [ווי א געבורטס-טאג א. ד. ג.].

Fête Dieu (פייט דיו) א קאטוילישער יום-טוב דאנערשטאג נאך פפינגסטען [קריסטליכער שבועות].

fe'tich *n.* (פי'-טיש) ז. *fetish*.

fe'tichism *n.* (פי'-טיש-איזם) ז. *fetishism*.

fe'ticide *n.* (פי'-טי-סאיד) די פערניכטונג פון קינד אין מוטער'ס לייב.

fet'id *a.* (פעט'-איד) שטינקענד.

fet'idness *n.* (פעט'-איד-נעס) דאס שטינקען; א געשטאנק.

fe'tish *n.* (פי'-טיש) א פעטיש, אן אבגאט, א געטשקע; א טויטע זאך פון דער נאטור וואס ווערט פערעהרט אלס א גאט [ווי א בוים, א שטיין א. ד. ג.].

fe'tishism *n.* (פי'-טיש-איזם) דאס דיענען אבגעטער; דאס פערגעטערען געצען; א בלינדע פערגעטערונג פון אן איזעע אדער זאך.

fe'tishist *n.* and *a.* (פי'-טיש-איסט) א געצען-דיענער; וואס איז שייך צו געצען-דיענסט.

fetishis'tic *a.* (פי-טי-שיס'-טיק) וואס איז שייך צו געצען-דיענסט.

fe'tish-man *n.* (פי'-טיש-מען) א מענש וואס ווערט געהאלטען פאר אן אבגאט.

fet'lock *n.* (פעט'-לאק) דאס בינטעל האר וואס וואקסט ביי א פערד אויף דעם אונטערשטען קנעכעל פון דער הינטערשטער זייט פוס ביי דער קאפיטע; דער אונטערשטער קנעכעל-געלענק פון א פערד'ס פוס; א פענטע.

fet'lock-boot *n.* (פעט'-לאק-בוהט) א בינדע ארום דעם אונטערשטען געלענק-קנעכעל פון א פערד'ס פוס.

fet'lock-joint *n.* (פעט'-לאק-דזשאינט) דער מיטעלסטער געלענק פון א פערד'ס פוס.

fe'tor *n.* (פי'-טאר) א געשטאנק, א שטינקערייי.

fet'ter *v.* and *n.* (פעט'-ער) שמידען אין קייטען, בינדען; פענטען [א פערד]; א קייט; א פענטע פון א פערד.

fet'ter-bone *n.* (פעט'-ער-באון) דער ביין פון א פערד'ס פוס, וואס געפינט זיך צווישען קניע און אונטערשטען קנעכעל.

fet'ter-key *n.* (פעט'-ער-קיע) א פענטע-שליסעל [א שליסעל צום פערשליסען א פענטע פון א פערד].

fet'terless *a.* (פעט'-ער-לעס) ניט געפענטעט; פריי, ניט געבונדען.

fet'terlock *n.* (פעט'-ער-לאק) א פענטע, א פענטע-שלאס [א שלאס מיט וועלכען עס ווערט פערשלאסען די פענטע פון א פערד].

fet'tle *v.* (פעטל) בינדען, אבהאלטען; איינארדנען; צורעכט מאכען; בריינגען אין ארדנונג.

fe'tus *n.* (פי'-טאס) דער פעטאס [עובר], דאס קינד אין מוטער'ס לייב אדער דאס פויגעלע אין איי; דער עמבריא אין דעם שפעטערדיגען צושטאנד פון זיין ענטוויקלונג.

feud *n.* (פיוד) דאס אין מיטעלאלטער — דאס פעאד אדער לעהן-גוט [לאנד אדער גיטער וואס א גרויסער גוטס-בעזיצער פלעגט געבען זיינעם א וואסאל אדער אונטערטהאן מיט דער בעדינגונג, אז יענער זאל דערפאר איהם לייסטען געוויסע דיענסטע]; פיינדשאפט, געגנערשאפט, קריעג, מחלוקות, צאנקערייי צווישען פערזאנען אדער פארטייען.

feu'dal *a.* (פיו'-דעל) וואס געהערט צו א גוט אדער לאנד וואס ווערט נעגעבען פאר געוויסע דיענסטע צום הערר; וואס קען געגעבען ווערען אין ארענדע פאר

געוויסע דיענסטע; וואס איז שייך צו קריעג אדער צאנקעריי צווישען פערזאנען אדער פארטייען.

feu'dalism *n.* (פיו'-דעל-איזם) די פעאדאלע סיסטעם. ז. *feudal system*.

feu'dalist *n.* (פיו'-דעל-איסט) אן אנהענגער און פערטיידיגער פון דער פעאדאלער סיסטעם. ז. *feudal system*.

feudalis'tic *a.* (פיו-דעל-איס'-טיק) פעאדאל, וואס איז נוגע צו דער פעאדאלער סיסטעם.

feudal'ity *n.* (פיו-דעל'-אי-טי) דאס זיין פעאדאל; די פעאדאלע פארם אדער איינריכטונג.

feudaliza'tion *n.* (פיו-דעל-אי-זיי'-שאן) דאס פעאדאליזירען, דאס איבערגעבען איינעם ערד אין ארענדע פאר געוויסע התחיבות'ען פון זיין זייט.

feu'dalize *v.* (פיו'-דעל-איז) פעאדאליזירען, מאכען אז לאנד אדער גיטער זאלען געגעבען ווערען אין ארענדע פאר געוויסע דיענסטע צום הערר.

feu'dally *adv.* (פיו'-דעל-אי) אויף א פעאדאלען שטייגער.

feu'dal sys'tem (פיו'-דעל סיס'-טעם) די פעאדאלע סיסטעם [די סאציאל-פאליטישע ארדנונג פון מיטעלאלטער, אין וועלכער דאס גאנצע לאנד האט אין פרינציפ בעלאנגט צום קעניג און ער פלעגט אויסטיילען גרויסע מאיאנטקעס צו זיינע מקורבים, וועלכע פלעגען זיך דערפאר פערפפליכטען צוצושטעלען איהם מיליטער און לייסטען איהם פערשיעדענע אנדערע דיענסטע און זיינען געווען זיינע דיענער אדער וואסאלען. דיעזע גרויסע ערד-בעזיצער פלעגען פון זייער זייט אויסטיילען מאיאנטקעס צו זייערע אייגענע וואסאלען, וועלכע פלעגען זיין פערפפליכטעט דירעקט צו זיי, און דיעזע נייע וואסאלען פלעגען האבען זייערע אייגענע וואסאלען און אזוי ווייטער, ביז די קלענסטע דיענער אדער וואסאלען, ד. ה. ביז די פויערים-ערד-ארבייטער. און אזוי ווי יעדער וואסאל, לויט די פיהרונגען פון יענער צייט, איז געווען פערפפליכטעט נור דירעקט צו זיין אייגענעם פריץ אדער פעאדאל, פון וועלכען ער האט בעקומען זיין שטיק לאנד, דעריבער האט דער קעניג פאקטיש ניט געהאט קיין דירעקטע שליטה איבער דער בעפעלקערונג און יעדער פעאדאל בעזונדער איז געווען א זעלבסט-הערשענדער רעגיערער אין זיין מאיאנטעק און איבער זיינע וואסאלען].

feu'dary *a. and n.* (פיו'-דער-אי) וואס האלט לאנד אדער גיטער אין ארענדע פון א פריץ פאר געוויסע דיענסטע; א וואסאל [איינער וואס בעזיצט ערד אויף פעאדאלע בעדינגונגען].

feu'datory *n.* (פיו'-דע-טא-רי) א וואסאל [איינער וואס האלט לאנד אדער גיטער פון א העכערער פערזאן פאר געוויסע דיענסטע]; א גוט אדער מאיאנטעק וואס ווערט איינעם געגעבען אין ארענדע פאר געוויסע פעאדאלע פערפפליכטונגען].

feu'dist *n.* (פיו'-דיסט) איינער וואס שטודירט די פעאדאלע געזעצגעבונג; איינער וועלכער לעבט אין דער ארדנונג פון דער פעאדאלער סיסטעם.

feuillemorte' *a.* (פע-ליע-מאהרט') פון דעם קאליר פון א פערוויאנעטען בלאט; ברוין-געלב.

feuil'leton *n.* (פע'-ליע-טאהן) א פעליעטאן, א בעזונדערע אבטיילונג אין א צייטונג [מעהרסטענס דער אונטערשטער טייל פון א זייט אדער צוויי], וואו עס ווערען געדרוקט פערשיעדענע זאכען איבער ליטעראטור, קריטיק, פובליציסטיק און וויסענשאפט, געשריבען אין א לייכטער פארם אדער טאן.

feuil'letonist *n.* (פע'-ליע-טאן-איסט) א פעליעטאניסט, איינער וואס שרייבט פעליעטאנען.

feuilletonis'tic *a.* (פע-ליע-טאן-איס'-טיק) פעליעטאניסטיש, לייכט, אויבערפלעכליך.

fe'ver *n. and v.* (פי'-ווער) פיבער, קדחת; היץ, אויפגערעגטקייט; ארייטרייבען אין א פיבער; אנשטעקען מיט פיבער-קראנקהייט.

fe'ver-blis'ter *n.* (פי'-ווער-בליס'-טער) אן אויסשלאג, מעהרסטענס ארום דעם מויל, וואס קומט נאך קדחת.

fe'vered *a.* (פי'-ווערד) צוהיצט, וואס פיבערט.

fe'verfew *n.* (פי'-ווער-פיו) מוטערקרויט [א מין ביטער גראז וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין געגען פיבער אדער קדחת].

fe'ver-heat *n.* (פי'-ווער-היעט) פיבער-היץ [א הויכע טעמפעראטור פון קערפער].

fe'verish *a.* (פי'-ווער-איש) פיבעריש, פיבערהאפט, פיבער-קראנק; היציג.

fe'verishly *adv.* (פי'-ווער-איש-לי) פיבעריש, אויף א היציגען שטייגער.

fe'verishness *n.* (פי'-ווער-איש-נעס) פיבערהאפטיגקייט.

fe'verous *a.* (פי'-ווער-אס) ז. *feverish*.

fe'verroot *n.* (פי'-ווער-רוהט) דער פיבער-ווארצעל [א מין אמעריקאנער גראז, וואס די אינדיאנער פלעגען בענוצען ביי פיבער-קראנקהייטען].

fe'ver-sore *n.* (פי'-ווער-סאור) ז. *fever-blister*.

fe'verweed *n.* (פי'-ווער-הוויעד) אזא גראז וואס וואקסט אין וועסט-אינדיען.

fe'verwort *n.* (פי'-ווער-הוואירט) ז. *feverroot*.

few *n. and a.* (פיו) ווייניגע; איינינגע; ווייניג, ניט פיעל.

few'met *n.* (פיו'-מעט) הירשען-מיסט.

few'ness *n.* (פיו'-נעס) ווייניגקייט; דאס זיין ווייניג.

fey *v.* (פיי) אויסשווענקען ערץ; דורכרייניגען א קאנאווע.

fez *n.* (פעז) א פעסקע, א רויטע יארמולקע, וועלכע די טערקען טראגען.

f-hole *n.* (עפ'-האול) דער אויסשניט אין דער אויבערשטער פלאטע פון א פיעדעל אדער אנדערע עהנליכע אינסטרומענטען וואס איז עהנליך צו אן *f*.

fia'cre *n.* (פי-איי'קר) א פיאקער, א דראזשקע צו פיהרען פאסאזשירען.

fiancé' *n.* (פי-אן-סיי') א חתן.

fiancée' *n.* (פי-אן-סיי') א כלה.

fias'co *n.* (פי-אס'-קאו) א פיאסקא, א דורכפאל.

Italy's attempt to conquer Abyssinia was turned into a **fiasco**.

fiat *n.* (פאי'-עט) א בעפעהל, א דעקרעט; א בעפעהל, אז עטוואס זאל געשעהן.

fi'at in bank'ruptcy (פאי'-עט אין בענק'-ראפ-סי) א דעקרעט וועגען א באנקראט.

fi'at mon'ey (פאי'-עט מאנ'-אי) פאפיער-געלד, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א רעגיערונג אהן דער פערזיכערונג עס אויסצובייטען אויף גאלד אדער זילבער.

fib *n. and v.* (פיב) א ליגען; אן אונשולדיגער ליגען; אן אויסגעטראכטער תירוץ זיך אויסצודרעהען פון עטוואס; זאגען ליגען; אריינשיטען א פארציע פעטש, ארייצעהלען אחת ואחת.

fib'ber *n.* (פיב'-ער) א ליגנער, א מוליערער.

fi'ber *n.* (פאי'-בער) א פאדים, א פאזער; א פעדים-ארטיגע זאך; קראפט, שטארקייט; מאטעריאל, שטאף; אייגענשאפט, כאראקטער.

fi'bered *a.* (פאי'-בערד) וואס האט פעדים; וואס בעשטעהט פון פאזערען.

fi'berless *a.* (פאי'-בער-לעס) אהן פעדים, אהן פאזערען; קראפטלאז, כאראקטערלאז.

fibra'tion *n.* (פאי-ברייי'-שאן) די בילדונג פון פעדים אדער פאזערען-געוועב אין אן ארגאנישען שטאף.

fi'bre *n.* (פאי'-בער) ז. *fiber*.

fi'bred *a.* (פאי'-בערד) ז. *fibered*.

fi'breless *a.* (פאי'-בער-לעס) ז. *fiberless*.

fi'briform *a.* (פאי'-ברי-פארם) וואס האט א פעדימדיגע, אדערדיגע אדער פאזערדיגע סטרוקטור; וואס איז עהנליך צו פאזערען אדער פעדים.

fi'bril *n.* (פאי'-בריל) א פעדימעל, אן אדערעל, א פאזערעל.

fibril'la *n.* (פאי-בריל'-ע) ז. *fibril*.

fi'brillate *v. and a.* (פאי'-ברי-לייט) פארמירען אין פעדים אדער פאזערען; וואס בעשטעהט פון פעדים אדער פאזערען.

fi'brillated *a.* (פאי'-ברי-ליי-טעד) וואס בעשטעהט פון פעדים אדער פאזערען.

fibrilla'tion *n.* (פאי-ברי-ליי'-שאן) דאס זיין פעדימדיג אדער פאזערדיג.

fibrillif'erous *a.* (פאי-ברי-ליפ'-ע-ראס) וואס האט פעדים אדער פאזערען.

fibril'liform *a.* (פאי-בריל'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו פעדים אדער פאזערען.

fi'brillose *a.* (פאי'-ברי-לאוס) פעדימדיג, פאזערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע פעדימלעך אדער אדערלעך.

fi'brin *n.* (פאי'-ברין) פיברין, פאזערשטאף.

fi'brine *a.* (פאי'-ברין) פעדימדיג, פאזערדיג, אדערדיג.

fi'brinous *a.* (פאי'-ברי-נאס) וואס בעשטעהט פון פיברין [פאזער-שטאף].

fi'broid *a.* (פאי'-בראיד) פעדימדיג; עהנליך צו פעדים.

fi'broin *n.* (פאי'-ברא-אין) דער כעמישער הויפט-בעשטאנד פון זייד.

fi'brous *a.* (פאי'-בראס) פעדימדיג, אדערדיג; פאזערדיג.

fib'ula *n.* (פיב'-יו-לא) אן אלטערטימליכע ספראנדזשקע, שנאל אדער בראש; א נאדעל מיט וועלכער מען פערנעהט וואונדען; דער ביין פון א מענשליכען פוס צו וועלכען עס איז צוגעוואקסען די איקרע; אן אייזערנער קלאמער וואס ווערט בענוצט פון מויערער פעסט צוזאמען צו האלטען שטיינער.

fichu' *n.* (פי-שו') אזא דריי-עקיגע פאטשיילע וואס ווערט געטראגען ארום האלז.

fickle *a.* (פיקל) וואס ענדערט זיך; אונבעשטענדיג; ניט געזעצט, קאפריזנע.

fick'leness *n.* (פיק'ל-נעס) אונבעשטענ

דינקייט; אונגעזעצטקייט; **דאס זיין ניט** שטאנדהאפט.

fick'ly *adv.* (פיק'-לי) ז. *fickle*

fi'co *n.* (פי'-קאו) א פייג [מיט די פינגער].

fi'coid *a.* (פאי'-קאיד) עהנליך צו א פייג.

ficoi'dal *a.* (פאי-קאי'-דעל) ז. *ficoid*

fic'tile *a.* (פיק'-טיל) וואס איז שייך צו טעפעריי; געפארעמט פון ליים; ליימענער.

fic'tile art (פיק'-טיל ארט) טעפער-קונסט.

fic'tileness *n.* (פיק'-טיל-נעס) דאס זיין געפארעמט פון ליים.

fic'tion *n.* (פיק'-שאן) א פיקציע, א פאלשע פארשטעלונג, א פאלשער שלום, א פאלשע בעהויפטונג; אן אויסגעטראכטע זאך; אן אויסגעטראכטע מעשה; בעלעטריסטיק [ראמאנען, ערצעהלונגען, סקיצען].

fic'tional *a.* (פיק'-שאנ-על) פיקטיוו, פאלש, אויסגעטראכט, נאכגעמאכט, ניט ווירקליך; וואס איז שייך צו בעלעטריסטיק.

fic'tionist *n.* (פיק'-שאנ-איסט) אן ערצעהלער אדער שרייבער פון אויסגעטראכטע מעשיות; א בעלעטריסט.

fire'-stick *n.* (פאיר'-סטיק) א האלאוועשקע; א שטיק האלץ וואס מען רייבט אן א צווייטען שטיק, אום ארויסצוברייננגען פייער [ביי ווילדע].

fire'-stone *n.* (פאיר'-סטאון) פייער=שטיין, קרעמען; זאמד=שטיין [געברויכט פאר אויווענס]; שוועבעל=שטיין; אזא אויפרייסענדער שטאף.

fire'-tel'egraph *n.* (פאיר'-טעל'-אי-גרעף) א פייער=טעלעגראף [צו געבען פייער סיגנאלען דורך ספעציעלע סיגנאל=קעסטלעך וואס געפינען זיך אין פערשיעדענע טיילען פון שטאדט].

fire'-tow'er *n.* (פאיר'-טאו'-ער) א פייער=טורם [פון וועלכען מען גיט א פייער=אלארם]; א לייכט=טורם.

fire'-trap *n.* (פאיר'-טרעפ) א פייער=פאסטקע [א געביידע אדער פלאץ, פון וואנען עס איז זיך שווער צו ראטעווען בעת א פייער, הויפטזעכליך אזא פלאץ וואס קען זיך לייכט אנצינדען און פערברענט ווערען].

fire'-war'den *n.* (פאיר'-הוואהר'-דען) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג, אז מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצען וועגען פייער=געפאהר אין די געגענדען וואו עס זיינען פאראן וועלדער; דער הויפט פון א פייער=בריגאדע.

fire'-wa'ter *n.* (פאיר'-הוואה'-טער) בראנפען [אן אויסדרוק געברויכט ביי די אינדיאנער].

fire'-weed *n.* (פאיר'-הוויעד) דאס אמעריקאנער קרייץ=קרויט.

fire'-wood *n.* (פאיר'-הוואוד) ברענ=האלץ, הייץ=האלץ.

fire'work *n.* (פאיר'-הוואירק) פייער=ווערק.

fire'-worm *n.* (פאיר'-הוואירם) א גליה=ווארים.

fire'-wor'ship *n.* (פאיר'-הוואיר'-שיפ) פייער=פערגעטערונג, דאס דיענען צום פייער.

fire'-wor'shiper *n.* (פאיר'-הוואיר'-שיפ-ער) א פייער=פערגעטערער.

fir'ing *n.* (פאיר'-אינג) הייץ=מאטעריאל; דאס ברענען, דאס בראטען, דאס באקען; דאס שיסען, שיסעריי; דאס אויסברענען [אלס היילמיטעל]; דאס קלינגען אין אלע גלעקער.

fir'ing-i'ron *n.* (פאיר'-אינג-אי'-ערן) א ברען=אייזען.

fir'ing-machine' *n.* (פאיר'-אינג-מע-שין') א פארריכטונג אנצושיטען קויהלען אין א מאשין=אויווען.

fir'ing-par'ty *n.* (פאיר'-אינג-פאר'-טי) א קאמפאניע סאלדאטען אדער מאטראזען וואס שיסען אויף א קבר לכבוד פון דעם בעערדיגטען אדער וואס דערשיסען א פעראורטיילטען צום טויט.

fir'ing-point *n.* (פאיר'-אינג-פאינט) טעמפעראטור, ביי וועלכער א שטאף צינדעט זיך אן אדער עקספלאדירט.

firk *n.* (פוירק) א קלאפ.

fir'kin *n.* (פויר'-קין) א קליין פעסעל; א פיערטעל פאס [א מאס וואס האלט 9 טעפ].

firm *a.* *and* *n.* (פוירם) פעסט, שטארק, הארט; שטאנדהאפט; א פירמע, א געשעפטס=פירמע.

fir'mament *n.* (פויר'-מע-מענט) דער הימעלס=געוועלב, דער הימעל.

firmamen'tal *a.* (פויר-מע-מענ'-טעל) וואס געהערט צום הימעלס=געוועלב; וואס איז פון די העכערע רעגיאנען.

fir'man *n.* (פויר'-מען) א דעקרעט, בעפעהל אדער ערלויבנים פון טערקישען סולטאן אדער פון אן אנדער אריענטאלישען הערשער.

firm at'titude (פוירם עט'-אי-טיוד) א פעסטע שטעלונג.

The officers of the law must take a firm attitude against the law breakers.

firm'-foot'ed *a.* (פוירמ'-פוט'-עד)

וואס האט א גאנצע, ניט קיין געשפּאלטענע קאפּיטע [ווי א פערד].

firm'ly *adv.* (פוירמ'-לי) מיט פעסט־קייט; מיט שטאנדהאפטיגקייט; מיט זי־כערהייט, מיט געוויסהייט; מיט ענטשלא־סענהייט.

firm'-name *n.* (פוירמ'-ניים) דער נא־מען פון א געשעפטס־פירמע.

firm'ness *n.* (פוירמ'-נעס) פעסטקייט; שטארקייט; געוויסהייט; שטאנדהאפטיג־קייט.

first *a., adv. and n.* (פוירסט) ערשט; אלס ערשטער; ערשטענס; צוערשט; פרי־הער; דער ערשטער; דער אנפאנג; אין מוזיק — די ערשטע, לייטענדע שטימע אדער אינסטרומענט אין א כאר אדער אר־קעסטער [ווי די ערשטע פיעדעל].

first a'gent (פוירסט איי'-דזשענט) דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; אזעלכעס וואס איז ניט קיין פּראדוקט פון עטוואס אנדע־רעס.

first aid (פוירסט אייד) די ערשטע, באל־דיגע, מעדיצינישע הילף וואס ווערט געגע־בען א פערוואונדעטען.

first and last (פוירסט ענד לעסט) ארום און ארום.

He lives here first and last about 3 years.

first'-begot'ten *n. and a.* (פוירסט'-בי-גאט'ן) א בכור; וואס איז געבארען צוערשט; וועלכער איז א בכור.

first blush (פוירסט בלאש) דער ערשטער איינדרוק, דער ערשטער אנבליק.

first'-born *a. and n.* (פוירסט'-בארן) וואס איז צום ערשטען געבארען; דער על־טעסטער, דער בכור.

first cause (פוירסט קאהז) אזעלכעס וואס איז ניט קיין פּראדוקט פון עטוואס אנדערעס [ווי אדם הראשון, וועלכער איז ניט געבארען פון אן אנדער מענשען]; דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; די סבת כל הסבות.

first chop (פוירסט טשאפּ) ערשט־קלאסיג, פון ערשטען בעסטען זארט.

first'-class *a.* (פוירסט'-קלעס) ערשט־קלאסיג, פון העכסטען ראנג, פון בעסטען זארט.

first'-class mat'ter (פוירסט'-קלעס מעט'-ער) פּאסט־זאכען פון ערשטען קלאס [געשריבענע אדער פערזיגעלטע, ווי בריעף א. ז. וו.].

first come, first served (פוירסט קאם, פוירסט סירווד) ווער עס קומט פרי־הער, דער מאהלט פריהער.

first cost (פוירסט קאסט) קאסטען־פרייז, איינקויפס־פרייז.

first cous'in (פוירסט קאזן) א שוועס־טער־קינד [א שני בשני].

First'-day *n.* (פוירסט'-דיי) זונטאג.

first dig'it (פוירסט דידזש'-איט) דער גראבער פוס־פינגער.

first'-fruit *n.* (פוירסט'-פרוהט) די ערשטע פרוכט [בכורים, וועלכע אידען פלעגען אמאל בריינגען אלס א קרבן פאר גאט]; דער ערשטער פערדיענסט; דער ערשטער פּראדוקט.

first good (פוירסט גוד) דאס העכסטע גוטס; דאס ענד־ציעל.

first'-hand *n. and a.* (פוירסט'-הענד) די ערשטע האנד, די ערשטע קוועלע; פון דער ערשטער האנד, פון דער ערשטער קוועלע.

first in the field (פוירסט אין טהי פיעלד) דער ערשטער, דער ערשטער אויף'ן פּלאץ.

first'ling *n. and a.* (פוירסט'-לינג) אן ערשטלינג [אין בעציהונג אויף חיות]; וואס איז צוערשט געשאפען געווארען.

first'ly *adv.* (פוירסט'-לי) ערשטענס, ראשית.

first mate (פוירסט מייט) דער ערשטער שטורמאן אויף א שיף.

first merid'ian (פוירסט מי-ריד'-אי-ען) דער ערשטער מערידיאן [די ערשטע לענג־ליניע פון ערד־קוגעל פון וועלכער מען רעכענט אין געאגראפיע די לענג פון דער ערד. דער ערשטער מערידיאן איז, לויט ווי עס איז אנגענומען געווארען, אין גרינ־וויטש, א שטאדט ניט ווייט פון לאנדאן].

first of'ficer (פוירסט אפ'-איס-ער) דער ערשטער אפיציער נאך דעם שיפס־קאפּיטאן.

first prin'ciple (פוירסט פרינ'-סיפל) דער ערשטער פּרינציפּ, דער הויפּט־פּרינ־ציפּ [א פּרינציפּ וועלכער איז ניט ארויס־געדרונגען פון אנדערע, נאר איז דער יסוד פאר אנדערע פּרינציפּען].

first qual'ity (פוירסט קוואל'-אי-טי) דער בעסטער זארט, דאס בעסטע וואס איז נור פאראן.

first'-rate *a. and n.* (פוירסט'-רייט) פון בעסטען זארט; ערשט־קלאסיג; אויס־געצייכענט; עטוואס וואס איז ערשט־קלא־סיג.

first tier (פוירסט טיער) די ערשטע רייהע פון די לאזשעס אין טעאטער.

firth *n.* (פוירטה) *frith* ז.

fir'-tree *n.* (פויר'-טריע) א טאנענבוים, א סאסנע.

fir'-wood *n.* (פויר'-הוואוד) טאנענהאלץ.

fisc *n.* (פיסק) דער שטאאטס־שאץ, קאזנא.

fis'cal *a. and n.* (פיס'-קעל) וואס איז שייך צו קאזנא אדער די פינאנסען פון דער רעגיערונג; קאזיאנע; אין אייניגע מלוכות — א שטאאטס־שאצמייסטער אדער קאזנאטשיי; אין שפאניען און פּארטו־גאל — דער גענעראל־פּראקוראר; א פּרא־קוראר; דער באלאבאן [א מין אפריקא־נישער פאלק־פויגעל].

fis'cal year (פיס'-קעל יוזר) דאס פיסקאל־יאהר [די בעשטימטע צייט ווען עס פאנ־גען זיך אן און ענדיגען זיך די יעהרליכע רעכנונגען פון אן אונטערנעהמונג אדער פון א רעגיערונג].

fish *n. and v.* (פיש) א פיש; יעדע חיה אדער בעשעפעניש וואס לעבט אין וואסער; אין שיף־בוייאונג — א לאנגער קלאיץ אדער אייזען, וועלכער פערשטארקט א צוזאמענגעשטעלטען מאסט; ביי סטא־ליארעס — א שטיק האלץ אדער לייסט וואס ווערט ארויפגענעלגעט אויף אן אנדע־רען עס צו פערשטארקען; דער מזל "דגים"; א מארקע [א קליינע קופערנע מטבע אין געוויסע שפּיעלען]; כאפּען פיש; פאנ־גען; זוכען צו פאנגען; זוכען; זיך יאגען נאך עפּעס; ארויפציהען דעם אנקער פון א שיף; בעפעסטיגען די מאסטען פון א שיף.

fish'-bait *n.* (פיש'-בייט) ווערים, פליגען א. ד. ג. וואס מען שטעקט אן אויף א האטשיק צו כאפּען פיש.

fish'-ball *n.* (פיש'-באהל) א געקאכטע פיש־קניידעל.

fish'-bas'ket *n.* (פיש'-בעס'-קעט) א פיש־קארב.

fish'-bel'lied *a.* (פיש'-בעל'-איד) וואס האט די פארם פון דעם בויך פון א פיש; קאנקאוו; אויפגעבלאזען.

fish'-bel'lied rail (פיש'-בעל'-איד רייל) א רעלסע אדער שינע, וועלכע איז מיטען דיקער און האלב־רונד ווי א בויך פון א פיש.

fish'-bone *n.* (פיש'-באון) פיש־ביין.

fish'-cake *n.* (פיש'-קייק) *fish-ball* ז.

fish'-car'ver *n.* (פיש'-קאר'-ווער) א מין ברייט מעסער, מיט וועלכען מען שניידט פאנאנדער און מען טיילט אויס געקאכטע פיש.

Fish Commis'sion (פיש קא-מיש'-אן) א קאמיסיע אדער ביורא פון דער רעגיע־רונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועל־כע בעשעפטיגט זיך מיט דער פראגע וועגען פיש און פישערייען פון לאנד. זי האט אונטער איהר אויפזיכט דאס שטודירען די געוועהנהייטען פון פיש, ווען מען קען זיי פאנגען און וועלכע פון זיי טויגען צום עסען [פיעלע בעזונדערע שטאאטען האבען אויך זייערע קאמיסיעס בנוגע צו די פיש און פישערייען פון דעם שטאאט].

fish'-crow *n.* (פיש'-קראו) א קראהע אדער ווארענע, וועלכע עסט מייסטענס פיש [האלט זיך אויף נעבען די אטלאנ־טישע ברעגען פון אמעריקא].

fish'-cul'ture *n.* (פיש'-קאל'-טשור) דאס קולטיווירען אדער האדעווען פיש.

fish'-day *n.* (פיש'-דיי) דער טאג ווען דער מנהג אדער דער דין ערלויבט צו עסען נור פיש און ניט קיין פלייש־יגע מאכלים [ווי אין געוויסע פאסט־טעג ביי די קריסטען].

fish'-ea'gle *n.* (פיש'-איעגל) דער אדלער וואס לעבט ביים ברעג ים און ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'er *n.* (פיש'-ער) א פישער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפּען פיש; א מין מארדער [א קליין חיה'לע עט־וואס גרעסער פון א טכויר אדער שעש־קע. איהר פעל איז זעהר טייער].

fish'er-boat *n.* (פיש'-ער-באוט) א פי־שער־שיפעל.

fish'erman *n.* (פיש'-ער-מען) א פי־שער; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפּען פיש; א פישער־שיף; א מין קאטשקע אדער ענטעל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'ery *n.* (פיש'-ער-אי) פישעריי, פיש־פאנג; אן ארט פון פיש־פאנג; דאס רעכט צו כאפּען פיש אין געוויסע וואסערען.

fish'-fag *n.* (פיש'-פעג) א פרויענצימער וואס האנדעלט מיט פיש.

fish'-fly *n.* (פיש'-פלאי) [א פיש־פליג א נאכנעמאכטע פליג מיט וועלכער מען כאפּט פיש].

fish for com'pliments (פיש פאר קאמ'-פלי-מענטס) זוכען קאמפּלימענטען.

fish'gig *n.* (פיש'-גיג) א שטאנג מיט שפּיצען אדער צייהנער צו כאפּען פיש.

fish'-glue *n.* (פיש'-גלוה) פיש־קלייי.

fish'-hawk *n.* (פיש'-האהק) א פאלק אדער סאקאל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'-hook *n.* (פיש'-הוק) א האטשעק אדער קרוטשאק צום כאפּען פיש.

fish'ify *v.* (פיש'-אי-פאי) פארע־וועהן צו פערמאכען [מאכען פון פלייש פיש].

fish'ily *adv.* (פיש'-אי-לי) מיט דעם געשמאק אדער גערוך פון פיש.

fish'iness *n.* (פיש'-אי-נעס) דאס הא־בען די אייגענשאפטען אדער פארמען פון א פיש.

fish'ing *n.* (פיש'-אינג) פישען, דאס כאפּען פיש; א פישעריי, דער ארט וואו מען כאפּט פיש.

fish'ing-boat *n.* (פיש'-אינג-באוט) א פישער־שיפעל.

NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES

נאָרד־אמעריקאנישע שפּייז־פיש און פאנג־פיש

fish'ing-line *n.* (פיש'-אינג-לאין) א פישער-שנור [א שנור מיט א האטשעק און אנגעטשעפעטען ווארים צו כאפען פיש].

fish'ing-place *n.* (פיש'-אינג-פלייס) א פישעריי [אן ארט צום פישען].

fish'ing-punt *n.* (פיש'-אינג-פאנט) א פישער-שיף.

fish'ing-tack'le *n.* (פיש'-אינג-טעקל) די אויסשטאטונג פון א פישער [אלע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען איהם נויטיג צו כאפען פיש].

fish in the air (פיש אין טהי עהר) זיך ארומדרעהען און גאר נישט טהאן.

fish in troubled wa'ters (פיש אין טראבלד הוואה'-טערז) כאפען פיש אין מוטנעם וואסער.

fish'-joint *n.* (פיש'-דזשאינט) א רעלסען-פערבינדונג, ביי וועלכער די פערבינדונגס-פלאטען זיינען אביסעל רונד אויסגעבויגען [ווי די פלאכע רונדקייט פון א פיש].

fish'-ket'tle *n.* (פיש'-קעטל) א פיש-קעסעל [א קעסעל צו קאכען פיש].

fish'-knife *n.* (פיש'-נאיף) ז. *fish-carver*

fish'like *a.* (פיש'-לאיק) ווי א פיש; עהנליך צו א פיש.

fish'-mar'ket *n.* (פיש'-מאר'-קעט) א פיש-מארק.

fish'-maw *n.* (פיש'-מאה) דער בלאז אדער פענכער פון א פיש.

fish'-meal *n.* (פיש'-מיעל) פיש-שפייז, א פיש-געריכט.

fish'monger *n.* (פיש'-מאן-גער) א פיש-הענדלער.

fish out (פיש אוט) אויספארשען, אויסזוכען; אויסלעדיגען פון פיש [א טייך]; ארויסשלעפען, ארויסקריעגען.

fish'-owl *n.* (פיש'-אול) א נאכט-איילע [סאווא] וואס עסט פיש.

fish'-pack'ing *n.* (פיש'-פעק'-אינג) דאס קאנזערווירען פיש [דאס רייניגען זיי, אויפשניידען, אבוועגען און אויסלעגען אין בלעכענע קעסטלעך און פערחתמ'ענען די קעסטלעך אזוי, אז קיין לופט זאל צו זיי ניט צוקומען].

fish'-pond *n.* (פיש'-פאנד) א טייכעל אדער סאזשעלקע, וואו פיש האלטען זיך.

fish'-skin *n.* (פיש'-סקין) פיש-הויט; די פעל פון א היי-פיש [אקולע].

fish'-skin disease' (פיש'-סקין די-זיעז') אזא הויט-קראנקהייט וואס די הויט זעהט אויס ווי שופען.

fish'-slice *n.* (פיש'-סלאיס) א פיש-מעסער. ז. *fish-carver*

fish'-spear *n.* (פיש'-ספיער) א פיקע אדער שפיז צו שטעכען און ארויסציהען פיש פון אונטער'ן אייז.

fish'-sto'ry *n.* (פיש'-סטאו'-רי) א פאנטאסטישע אדער ליגנערישע געשיכטע.

fish'-tack'le *n.* (פיש'-טעקל) אזא אייזערנער בלאק אדער הויב-מאשין מיט וועלכער מען הויבט אויף אן אנקער אויף א שיף.

fish'-tail *a.* and *n.* (פיש'-טייל) וואס איז עהנליך צום עק פון א פיש; דער עק פון א פיש; א מין אינזעקט.

fish'-tail bur'ner (פיש'-טייל בויר'-נער) א גאז-ברענער, פון וועלכען דער פלאם געהט ארויס אין דער פארם פון אן עק פון א פיש.

fish'-torpe'do *n.* (פיש'-טאר-פי'-דאו) א טארפעדא אדער א מינע וואס שווימט אליין אונטער'ן וואסער דורך א געוויסען מעכאניזם; א באמבע וואס מען רייסט אויף אונטער'ן וואסער צו טויטען פיש.

fish'-trap *n.* (פיש'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען פיש.

fish'-trow'el *n.* (פיש'-טראו'-על) ז. *fish-carver*

fish'-ward *n.* (פיש'-הוואהרד) ז. *fish-warden*

fish'-war'den *n.* (פיש'-הוואהר'דן) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצע בנוגע צו פיש-פאנג.

fish'wife *n.* (פיש'-הוואיף) ז. *fishwoman*

fish'woman *n.* (פיש'-הוואומ-ען) א פיש-הענדלערקע, א פישערקע; א מארק-פרוי.

fish'y *a.* (פיש'-אי) פיש-ארטיג; רייך אין פיש; איבערטריבען, אונגלויבליך [ווי די מעשיות פון די פישער]; טונקעל, אהן אויסדרוק [ווי דאס אויג פון א פיש]; נים בעשטענדיג.

fis'sate *a.* (פיס'-אייט) געשפאלטען, צושפאלטען; אין ענטאמאלאגיע — צוטיילט אדער צושפאלטען אין צוויי טיילען.

fis'sile *a.* (פיס'-איל) וואס קען צוטיילט אדער צושפאלטען ווערען, וואס קען צוטיילט ווערען אין שיכטען [וועגען בוימער אדער מינעראלען]; אין ענטאמאלאגיע — וואס בעשטעהט פון שופען, וועלכע מען קען פאנאנדערשפרייטען.

fissilin'gual *a.* (פיס-אי-לינ'-גהוועל) וואס האט א צושפאלטענעם אדער געטיילטען צונג [וועגען עקדישען].

fissil'ity *n.* (פי-סיל'-אי-טי) טיילבארקייט, שפאלטבארקייט, וואס בעשטעהט פון שיכטען.

fis'sion *n.* (פיש'-אן) טיילונג, שפאלטונג; אין ביאלאגיע — די אויטאמאטישע שפאלטונג אדער טיילונג פון צעלען אדער ארגאניזמען אין נייע צעלען אדער ארגאניזמען [געוויסע נידריגע בעשעפענישען פערמעהרען זיך און פרוכפערען זיך דורך דעם וואס זיי שפאלטען זיך].

fissip'ara *n.* (פי-סיפ'-ע-רא) בעשעפענישען, וועלכע פערמעהרען זיך דורך שפאלטען זיך אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arism *n.* (פי-סיפ'-ע-ריזם) אין ביאלאגיע — דאס פערמעהרען זיך דורך זעלבסט-פאנאנדערטיילונג אדער אבשפאלטונג.

fissipar'ity *n.* (פיס-אי-פער'-אי-טי) ז. *fissiparism*

fissip'arous *a.* (פי-סיפ'-ע-ראס) אין ביאלאגיע — וואס פערמעהרט זיך דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arously *adv.* (פי-סיפ'-ע-ראס-לי) דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג [וועגען דעם אופן ווי אזוי געוויסע בעשעפענישען פערמעהרען זיך].

fis'siped *n.* and *a.* (פיס'-אי-פעד) וואס האט געשפאלטענע קלויען; א בהמה מיט צושפאלטענע קלויען [מפרים פרסה].

fis'sipedal *a.* (פיס'-אי-פעד-על) וואס האט צושפאלטענע קלויען.

fis'sipede *a.* and *n.* (פיס'-אי-פיד) וואס האט צושפאלטענע קלויען; א חיה מיט צושפאלטענע קלויען.

fissiros'tral *a.* (פיס-אי-ראס'-טרעל) וואס האט א טיעף און ברייט פאנאדערגעשפאלטענעם שנאבעל [ווי א שוואלב].

fis'sive *a.* (פיס'-איוו) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון פאנאנדערטיילען זיך [וועגען צעלען אדער ארגאניזמען].

fis'sural *a.* (פיש'-יור-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א שפאלט, א קארב, א פערטיעפונג [ווי למשל, די פערטיעפונגען אין מארך].

fissura'tion *n.* (פיש-יו-ריי'-שאן) טיילונג, שפאלטונג, קארבונג, פערטיעפונג; אין ביאלאגיע — אן אויטאמאטישע פאנאנדערטיילונג פון צעלען און ארגאניזמען [פערמעהרונג דורך שפאלטען זיך אדער פאנאנדערטיילען זיך].

fis'sure *n.* and *v.* (פיש'-יור) א שפאלט [ווי אין א פעלז]; אין אנאטאמיע — א פערטיעפונג, א פאנאנדערטיילונג, א קארב [ווי למשל, אין מארך]; צושפאלטען; פאנאנדערטיילען.

fis'sured *a.* (פיש'-יורד) צושפאלטען, פאנאנדערגעטיילט.

fis'sureless *a.* (פיש'-יור-לעס) אהן שפאלטען, אהן פערטיעפונגען; אהן פאנאנדערטיילונגען.

fis'sure-nee'dle *n.* (פיש'-יור-ניעדל) אן אינסטרומענט צו פערנעהען וואונדען.

fist *n.* and *v.* (פיסט) א פויסט, א קולאק; אזא רעגען-שוועמעל; א טפח [א לענגען-מאס פון אונגעפעהר פיער צאל]; שלאגען מיט די פויסטען; פערקוועטשען אין פויסט.

fist'-ball *n.* (פיסט'-באהל) א רעגען-שוועמעל.

fis'ted *a.* (פיס'-טעד) וואס פערמאגט געזונדע פויסטען.

fist'ful *n.* (פיסט'-פול) א זשמעניע, א הויפען.

fis'tic *a.* (פיס'-טיק) וואס איז שייך צום פויסטען-קאמפף.

fis'ticuffer *n.* (פיס'-טי-קאפ-ער) א פויסטען-קעמפפער [באקסער].

fis'ticuffing *n.* (פיס'-טי-קאפ-אינג) פויסטען-קאמפף [באקס].

fis'ticuffs *n.* (פיס'-טי-קאפס) א פויסטען-קאמפף; פויסטען-קלעפ.

fis'tinut *n.* (פיס'-טי-נאט) פיסטאשקעס [אזא זארט ניסלעך].

fistu'ca *n.* (פיס-טיו'-קא) א באבא [א שטיק אייזען, מיט וועלכען מען שלאגט אריין קלעצער אין דער ערד].

fis'tula *n.* (פיס'-טשו-לא) א פיסטעל [א קאנאל-פערמיגע עפענונג פון א געשוויר].

fis'tular *a.* (פיס'-טשו-לאר) ז. *fistulous*

fis'tulate *v.* and *a.* (פיס'-טשו-לייט) אננעהמען די פארם פון א פיסטעל; אויסגעהוילט ווי א רעהר. ז. *fistula*

fis'tulose *a.* (פיס'-טשו-לאוס) ז. *fistulous*

fis'tulous *a.* (פיס'-טשו-לאס) אויסגעהוילט ווי א רעהר; עהנליך צו א פיסטעל. ז. *fistula*

fist'wise *a.* (פיסט'-הוואיז) פויסט-פערמיג.

fit *n.*, *v.* and *a.* (פיט) דאס צופאסונג; פאסען; אויסשטאטונג; אן אנפאל פון עפילעפסיע; ספאזמען; א פלעצליכער צייטווייליגער אנפאל פון א קראנקהייט; א פאראקסיזם; א פלעצליכער, שנעל-איבערגעהענדער אויסברוך פון א געפיהל אדער שטימונג [מעהרסטענטייל א זעהר שטארקער אויסברוך]; א קאפריז; א

קאפריזנע, אונטערבראכענע אדער ניט רעגעלמעסיגע טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; דער טייל פון דער אקס, אויף וועלכער עס דרעהט זיך די ראד; זייף אין א פליסיגען צושטאנד [איידער זי ווערט אבגעקיהלט]; א ליעד, א באלאדע, א געשיכטע; א טייל פון א ליעד, באלאדע אדער געשיכטע; א שריט; צופאסען; מאכען עס זאל פאסען; אויסשטאטען, צוגרייטען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, פאר א רייזע]; זיין צוגעפאסט; פאסען; זיין ווי אנגעמאסטען; צוגעפאסט, פאסיג; צוגעגרייט, פארטיג; וואס געפינט זיך אין א גוטען צושטאנד, גוט פארבערייטעט [ווענען וועט=לויף=פערד]; אין א גוטען געזונדס=צושטאנד.

fitch *n. and v.* (פיטש) וויקע [א מין ארבעס געברויכט צו האדעווען בהמות]; טכוירען=פוטער; א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען=האר; צופעסטיגען.

fitch'-brush *n.* (פיטש'-בראש) א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען=האר.

fitch'et *n.* (פיטש'-עט) ז. *fitchew*

fitch'ew *n.* (פיטש'-או) א טכויר, א שעשקע.

fitch'y *a.* (פיטש'-אי) שפיציג; בעדעקט מיט וויקע [אזא ארבעס].

fit for (פיט פאר) 1. זיך פאסען; 2. טויגען.

1. The dinner is fit for a king. 2. He is not fit for the work.

fit for ac'tion (פיט פאר עק'-שאן) פאסיג אדער פעהיג צו דער ארבייט; פארטיג אדער אויסגעשטאטעט פאר א טהעטיגקייט.

fit for ser'vice (פיט פאר סויר'-ווים) דיענסט=פעהיג.

fit for the dust'-hole (פיט פאר טהי דאסט'-האול) טויג צו גארניט; שמוציג.

fit'ful *a.* (פיט'-פול) אונרעגעלמעסיג, וואס קומט פאר מיט אונטערברעכונגען, אונבעשטענדיג, קאפריזנע.

fit'fully *adv.* (פיט'-פול-אי) מיט אונטערברעכונגען; אויף אן אונרעגעלמעסיגען, אונבעשטענדיגען אדער קאפריזנעם שטייגער.

fit'fulness *n.* (פיט'-פול-נעס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט.

fit in'to (פיט אינ'-טו) זיך צופאסען, זיך אריינפאסען, הארמאנירען.

fit'ly *a.* (פיט'-לי) פאסענד, צוגעפאסט; ווי עס פאסט; בעקוועם.

fit'ment *n.* (פיט'-מענט) אויסשטאטונג, דאס בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע]; דאס וואס עס פאסט זיך אדער וואס איז נויטיג פאר א געוויסען צוועק.

fit'ness *n.* (פיט'-נעס) פאסיגקייט, צוגעפאסטקייט, אנגעמאסטענקייט, צוזאמענפאסיגקייט.

fit of the face (פיט אוו טהי פיים) א גרימאסע.

fit one's self (פיט הוואנז סעלף) זיך צוגרייטען, זיך פארטיג מאכען.

fit out (פיט אוט) אויסשטאטען, פארטיג מאכען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע].

fits and starts (פיטס ענד סטארטס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט; דאס אבשטעלען זיך אלע מאל, דאס ווערען אונטערבראכען יעדע ווייל.

fits of laugh'ter (פיטס אוו לאפ'-טער) שטארקער געלעכטער.

fits of the sea'son (פיטס אוו טהי סיע'זן) פלעצליכע ענדערונגען פון וועטער.

fit'ted *a.* (פיט'-עד) פאסענד, צוגעפאסט, וואס טויג.

fit'tedness *n.* (פיט'-עד-נעס) טויגליכקייט, צוגעפאסטקייט.

fit'ter *n.* (פיט'-ער) איינער וואס פאסט צו, פארטיגט צו אדער שטאטעט אויס; איינער וואס שטעלט צוזאמען די טיילען פון א מאשין; איינער וואס מאכט אדער פעררעכט פערשיעדענע אויסשטאטונגען אדער אויסריכטונגען; אן אנפאסער.

fit'ting *n. and a.* (פיט'-אינג) אויסשטאטונג אדער אויסריכטונג; פאסיג, פאסענד, טויגליך.

fit'tingly *adv.* (פיט'-אינג-לי) אויף א פאסיגען, צוגעפאסטען אדער טויגליכען שמייגער.

fit'tingness *n.* (פיט'-אינג-נעס) פאסיגקייט, צוגעפאסטקייט, טויגליכקייט.

fit'tings *n.* (פיט'-אינגז) אויסריכטונגען, אויסשטאטונגען.

fit'ting-shop *n.* (פיט'-אינג-שאפ) א ווערקשטאט, וואו מען שטעלט צוזאמען מאשינען.

fit up (פיט אפ) אויסריכטען, אויסשטאטען מיט אלעם נויטיגען; בעזארגען א שיף מיט דער נויטיגער צאהל מאטראזען און דיענער.

fit'weed *n.* (פיט'-הוויעד) א מין גראזפלאנצע אויף די וועסט=אינדישע אינזלען [ווערט געברויכט אלס מיטעל צו היסטעריקע].

five *a. and n.* (פאיוו) פינף; א פינפערעל, א פינפטעל [אין קארטען].

five'finger *n.* (פאיוו'-פינ-גער) די פינגער=קרויט [א מין פלאנצע מיט פינףעקיגע בלעטער].

five'fingers *n.* (פאיוו'-פינ-גערז) אזא שטערען=פיש; פינף קאזירען אין געוויסע קארטען=שפיעלען.

five'-fin'ger-tied *a.* (פאיוו'-פינ'-גער-טאיד) פערכאפט מיט דער גאנצער לאפע, מיט אלע פינף פינגער.

five'fold *a.* (פאיוו'-פאולד) פינפפאך, פינף מאל אזוי פיעל.

five'pence *n.* (פאיוו'-פענס) פינף ענגלישע פענים [אונגעפעהר 10 אמעריקאנישע סענט].

fives *n.* (פאיווז) אן ארט שפיעל אין פילקעס; ווערטה=פאפיערען, וועלכע בריינגען פינף פראצענט; די פינף פינגער; די האנד; דער קולאק; פינפטעלך [אין קארטען].

five sen'ses (פאיוו סענ'-סעז) די פינף חושים [דאס זעהן, דאס הערען, דאס שמעקען, דאס טאפען און דער געשמאק].

five'-square *a.* (פאיוו'-סקהוועהר) וואס האט פינף ווינקלען.

five wits (פאיוו הוויטס) ז. *five senses*

fix *v. and n.* (פיקס) בעפעסטיגען, פעסטזעצען, פערשטארקען; לעגען אויף עפעס די אויפמערקזאמקייט, אנשטעלען די אויגען; אבשטעלען זיך אויף עפעס; פעסטשטעלען א זאך; מאכען הארט, פערוואנדלען א פליסיגקייט אין א סאלידען קערפער; פערקערפערען, צוגעבען א קאנקרעטע פארם; בעשליסען; מאכען פאר געווים; בעגרענעצען, בעצייכנען מיט געוויסע גרענעצען; רעגולירען, שטעלען אין א געוויסער ארדנונג; צופאסען; מאכען גינסטיג; זיך אבשטעלען; ווערען פעסט אדער סאליד; א קריטישע לאגע; א שוועריגקייט, א דילעמא.

fix'able *a.* (פיקס'-עבל) וואס קען פעסטגעזעצט אדער בעפעסטיגט ווערען.

fixa'tion *n.* (פיק-סיי'-שאן) די פעסטזעצונג; דאס געדיכט מאכען; דאס ווערען הארט אדער סאליד; בעשטענדיגקייט, שטייפקייט.

fix'ative *a.* (פיקס'-ע-טיוו) וואס דיענט צו מאכען פעסט, געזעצט אדער סאליד.

fix'ature *n.* (פיקס'-ע-טשור) פיקסאטואר, א פאמאדע, מיט וועלכער מען בעשמירט די האר, אז זיי זאלען זיך האלטען אין דעם צושטאנד ווי מען האט זיי פערקעמט.

fixed *a.* (פיקסט) פעסט; בעשטימט; געזעצט; פעסטגעשטעלט; בעשטענדיג; וואס געפינט זיך אין א פעסט=בעשטימטער לאגע; אין זאאלאגיע — וואס קען זיך ניט פרייוויליג בעוועגען, וואס איז איינגעווארצעלט אדער צוגעקלעפט צו א בעשטימטען ארט; אין קאמערץ — וואס דארף בעצאהלט ווערען אין א בעשטימטען טערמין אהן הנחות [ווענען וועקסלען].

fixed air (פיקסט עהר) א גאז וואס בעשטעהט פון קויהלען=זויערע.

fixed fact (פיקסט פעקט) א פאזיטיווער אדער פעסטגעשטעלטער פאקט.

fixed ide'a (פיקסט אי-די'-א) מאנאמאניע אדער אידעע=פיקס [א מין גייסטיגע קראנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג בעהערשט אין גאנצען דעם מענשען, אזוי, אז ווענען קיין אנדער זאך קען ער ניט דענקען און קיין אנדער זאך קען ער זיך ניט פארשטעלען].

fix'edly *adv.* (פיק'-סעד-לי) אויף א בעשטימטען אדער פעסטגעשטעלטען שטייגער; שטייף, פעסט.

fix'edness *n.* (פיק'-סעד-נעס) פעסטקייט, בעשטענדיגקייט; פעסטגעזעצטקייט.

fixed oils (פיקסט אילז) פעטע אוילען [יעדער אויל וואס לאזט איבער נאך זיך א פלעק, צום אונטערשייד פון עטהער=אוילען].

fixed pe'riods (פיקסט פי'-רי-אדז) בעשטימטע צייטען, עפאכען.

fixed pric'es (פיקסט פראים'-עז) בעשטימטע מקחים.

fixed star *n.* (פיקסט סטאר) אן אונבעוועגליכער שטערען [איינע פון די לייכטענדע הימלישע קערפער, וועלכע זיינען ניט קיין פלאנעטען און ניט קיין קאמעטען].

fix'ing *n.* (פיק'-סינג) דאס פעסטשטעלען; דאס בעשטימען; דאס מאכען שטייף אדער סאליד; דאס בעפעסטיגען, דאס פערשטארקען; דאס שטעלען אין ארדנונג; אין פאטאגראפיע — דאס שטעלען א בילד אזוי, אז אויף איהם זאלען די ליכט=שטראהלען מעהר ניט ווירקען.

fix'ings *n.* (פיק'-סינגז) זאכען, וועלכע מען דארף פאנאנדערשטעלען אדער צוזאמענלעגען אין א געוויסער ארדנונג.

fix'ity *n.* (פיק'-סי-טי) בעשטענדיגקייט; געדיכטקייט; פעסטגעזעצטקייט, די שטארקייט פון כאראקטער; אין פיזיק — די לאגע אדער די אייגענשאפט פון א קערפער, צוליעב וועלכער ער קען זיך ניט אומבייטען אונטער דער ווירקונג פון היץ אדער אנדערע אורזאכען.

fix on (פיקס אן) לעגען די אויפמערקזאמקייט אויף עפעס; אבשטעלען זיך אויף

NATIONAL FLAGS

נאציאנאלע פלאגען

עפּעס; בעשטימען אדער זיך בעשליסען אויף עפּעס.

fix one's eyes on (פיקס הוואנז איז אן) אנשטעלען די אויגען אויף עפּעס; שארף אנקוקען.

fix out (פיקס אוט) אויס־ אויסריכטען; אויס־שטאטען; צורעכט מאכען; בעפּוצען; פער־ציערען.

fix'ture *n.* (פיקס־טשור) אויס־ פעסטעס אויס־שטאטונגען אדער איינריכטונגען [ווי פּאַ־ליצעס און א פּערקויף־טיש אין א קראם]; א פּערזאן אדער זאך וואס שטעהט פעסט אין א בעשטימטער לאגע; איינער אדער עפּעס וואס ווייזט אויס אונבעוועגליך.

fix up (פיקס אפּ) בע־ צורעכט מאכען; בע־ציערען; בעפּוצען.

fix upon' (פיקס א־פּאן') *fix on* .ז

fiz *v. and n.* (פיז) *fizz* .ז

fiz'gig *n.* (פיז'־גיג) א מין קנאקעדיג פייערווערק; א לייכטזיניג, ארומטרייבענד מיידעל אדער פרויענצימער.

fizz *v. and n.* (פיז) שיפּען, צישען, מאַ־כען ששש...; ברויזען; דאס שיפּען, דאס צישען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא־וואסער, לימאנאד, שאמפּאניער א. ד. ג.

fiz'zle *v. and n.* (פיזל) שיפּען, צישען; ברויזען [ווי סאדא־וואסער, לימאנאד א. ד. ג.]; פּלוצים שטעהן בלייבען נאך אז אויסגעצייכענטען אנפאנג [ווענען א שי־לער ביים ענטפערען די שול־אויפגאבען אדער ביים עקזאמען]; דורכפאלען ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול־אויפגאבען; גרעפּסען; דורכוואַרפען ביים עקזאמען; א ברויזענדער אדער שוימענ־דער געטראנק, ווי סאדא־וואסער, לימאַ־נאד, שאמפּאניער א. ד. ג.; אן אונרוהי־גער צושטאנד, אויפרעגונג; א גרעפּס; א דורכפאל ביים עקזאמען אדער ביים ענט־פערען די שול־אויפגאבען.

fjord *n.* (פיארד) *fiord* .ז

flab'bergast *v.* (פלעב'־ער־געסט) ער־שטוינען; צוטומלען דורך איבעראשונג; צומישען.

flabbergasta'tion *n.* (פלעב־ער־געס־טיי'־שאן) איבעראשונג, ערשטוינונג; דאס מבולבל ווערען.

flab'bily *adv.* (פלעב'־אי־לי) אויף א שלאפּען, לויזען אדער שוואכען אופן; אויף א צוקראכענעם אופן.

flab'biness *n.* (פלעב'־אי־נעס) שלאַפּ־קייט, שוואכקייט; לויזקייט, ווייכקייט; צוקראכענהייט.

flab'by *a.* (פלעב'־אי) שלאַפּ, שוואך, ווייך, לויז; צוקראכען.

flabel'late *a.* (פלע־בעל'־אייט) פעכער־ארטיג, וואס האט די פארם פון א פעכער [ווענען געוויסע פלאנצען].

flabel'lum *n.* (פלע־בעל'־אם) אזא פע־כער איז די גריכישע און ארמענישע קיר־כען אוועקצוטרייבען פליגען פון דעם היי־ליגען ברויט און וויין אין דער צייט פון היילינען אבענדמאהל.

flac'cid *a.* (פלעק'־סיד) שלאַפּ, ווייך, לויז, צוקראכען.

flaccid'ity *n.* (פלעק־סיד'־אי־טי) שלאַפּ־קייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט; אזא קראנקהייט פון זייד־ווערים.

flac'cidly *adv.* (פלעק'־סיד־לי) אויף א שלאפּען, ווייכען, לויזען אדער צוקרא־כענעם אופן.

flac'cidness *n.* (פלעק'־סיד־נעס) שלאַפּ־קייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט.

flag *n. and v.* (פלעג) א פאהן, א פלאג; א פלאכער שטיין וואס ווערט בענוצט צום ברוקירען; די שווערד־ליליע [אזא פלאנ־צע מיט שווערד־פערמיגע בלעטער]; אויפ־הענגען א פאהן, בעפּוצען מיט א פאהן; געבען א סיגנאל מיט א פאהן; שלאף אראבהענגען; ווערען שלאף אדער שוואך; ווערען מוטלאז; ווערען אבגעלאזען; אויס־ברוקירען מיט פלאכע שטיינער.

flag'-bear'er *n.* (פלעג'־בעהר'־ער) א פאהנען־טרעגער.

flag'-cap'tain *n.* (פלעג'־קעפּ'־טיין) דער קאפּיטאן פון אן אדמיראל־שיף אדער קאמאנדא־שיף.

flag'ellant *a. and n.* (פלעדזש'־ע־לענט) וואס בענוצט א בייטש; וואס איז צוגע־פּאסט צום שמייסען; איינער וואס פיי־ניגט זיך צוליעב פרומקייט; א מיטגליעד פון א געוויסער רעליגיעזער סעקטע אין איטאליען, וועלכע האט זיך געגרינדעט אונגעפעהר אין יאהר 1260. די מיטגליע־דער פון דיעזער סעקטע פלעגען זיך לאזען עפענטליך שמייסען אויף'ן נאקעטען קער־פּער ביז בלוט פלעגט רינען [דיעזע סעק־טע האט זיך שפּעטער געהאט פערשפּרייט אין מעהרערע אייראפּעאישע לענדער].

flagel'lar *a.* (פלע־דזשעל'־אר) וואס איז שייך צו די בייטשען־פערמיגע פיהל־הער־נער פון געוויסע אינזעקטען.

flag'ellate *v. and a.* (פלעדזש'־ע־לייט) שמייסען; עהנליך צו א בייטש, בייטש־פערמיג [ווי די פיהל־הערנער פון געוויסע אינזעקטען אדער אינפוזאריען]; וואס האט א בייטש־פערמיגען אנוואוקס [ווי געוויסע אינזעקטען].

flagella'tion *n.* (פלעדזש־ע־ליי'־שאן) דאס שמייסען.

flag'ellator *n.* (פלעדזש'־ע־ליי־טאר) איינער וואס שמייסט, א שמייסער.

flagellif'erous *a.* (פלעדזש־ע־ליפ'־ע־ראס) וואס האט אן אויסוואוקס ווי א בייטש [ווענען אינפוזאריען, באקטעריען אדער פלאנצען].

flagel'liform *a.* (פלע־דזשעל'־אי־פארם) וואס איז עהנליך צו א בייטש; וואס איז לאנג, דין און בויגזאם [ווי א בייטש].

flagel'lum *n.* (פלע־דזשעל'־אם) א בייטש; אן אויסוואוקס פון א פלאנצע וואס איז עהנליך צו א בייטש; א בייטש־עהנליכער צוואוקס ביי אינפוזאריען אדער באקטעריען; א בייטש־פערמיגער פיהל־הארן פון אן אינזעקט.

flage'olet *n.* (פלעדזש־א־לעט) אזא פלייט.

flag'-feath'er *n.* (פלעג'־פעטה'־ער) די פעדער פון א פויגעל'ס פליגעל, וועלכע איז נאהענט צום עק.

flag'giness *n.* (פלעג'־אי־נעס) שלאַפּ־קייט, שוואכקייט, צוקראכענהייט.

flag'ging *a. and n.* (פלעג'־אינג) שוואך, שלאף, צוקראכען; דאס ברוקירען מיט פלאכע שטיינער; פלאכע ברוקיר־שטיינער.

flag'gingly *adv.* (פלעג'־אינג־לי) אויף א שלאפּען, אבגעלאזענעם אדער צוקראכע־נעם אופן.

flag'gy *a.* (פלעג'־אי) אויס־ ווי א פאהן; געשפּרייט; פול מיט שווערד־ליליען [אזא פלאנצע מיט שווערד־עהנליכע בלעטער]; וואס איז עהנליך צו פלאכע ברוק־שטיינער.

flagi'tious *a.* (פלע־דזשיש'־אס) שענד־ליך, סקאנדאלעז, פערברעכעריש, נידער־טרעכטיג; שולדיג אין א סקאנדאלעזען פערברעכען.

flagi'tiously *adv.* (פלע־דזשיש'־אס־לי) אויף א שענדליכען, סקאנדאלעזען אופן.

flagi'tiousness *n.* (פלע־דזשיש'־אס־נעס) שענדליכקייט, נידערטרעכטיגקייט.

flag'-lieuten'ant *n.* (פלעג'־ליו־טענ'־ענט) דער פליגעל־אדיוטאנט פון אן אד־מיראל.

flag'man *n.* (פלעג'־מען) דער סיגנאַ־ליסט אויף אן אייזענבאהן־וועג [דער וואס גיט די סיגנאלען מיט א פאהן].

flag of defi'ance (פלעג אוו די־פאי'־ענס) די רויטע פאהן ארויסצורופען צום קאמפף.

flag of distress' (פלעג אוו דיס־טרעס') א פאהן וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס צייכען פון געפאהר, אונגליק אדער טרויער.

flag'-of'ficer *n.* (פלעג'־אפ'־אי־סער) א העכערער אפיציער אויף א שיף, ווי אן אדמיראל, וויצע־אדמיראל א. ד. ג.

flag of protec'tion (פלעג אוו פּרא־טעק'־שאן) א שוץ־פאהן [א ווייסע פאהן אין דער צייט פון קריעג, אלס א צייכען פון פריעדען, אדער א געלבע פאהן אויף א שיף אלס א צייכען אז עס געפינען זיך אויף איהר פּאסאזשירען מיט אנשטעקענדע קראנקהייטען].

flag of truce (פלעג אוו טרוהס) די פּארלאמענטער אדער פריעדענס־פאהן [א ווייסע פאהן, וואס עס טראגט מיט זיך א געשיקטער פון איין קריעגס־פיהרענדער ארמעע צו דער אנדערער, אלס א צייכען, דאס ער קומט ווענען א פריעדענס־פער־האנדלונג].

flag'on *n.* (פלעג'־אן) א פלאש; א קאַ־ראפין.

fla'grancy *n.* (פליי'־גרענ־סי) שענדליכ־קייט; א שרייענדע נידערטרעכטיגקייט אדער פערברעכען.

fla'grant *a.* (פליי'־גרענט) סקאנדאלעז, הימעל־שרייענד [ווענען א פערברעכען]; אייפריג, העפטיג; וויטהענד, אין רעכטען פייער.

flagran'te delic'to (פליי־גרענ'־טי די־ליק'־טאו) אין דעם מאמענט ווען דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען [גע־כאפּט ביי דער האנד].

fla'grantly *adv.* (פליי'־גרענט־לי) אויף א סקאנדאלעזען, הימעל־שרייענדען אופן.

fla'grantness *n.* (פליי'־גרענט־נעס) *flagrancy* .ז

flag'-ship *n.* (פלעג'־שיפּ) פלאג־שיף, אדמיראל־שיף, קאמאנדא־שיף.

flag'staff *n.* (פלעג'־סטעף) דער פלאג־שטאק [דער שטאק אדער שטאנג צו וועל־כען די פאהן איז בעפעסטיגט].

flag'-sta'tion *n.* (פלעג'־סטיי'־שאן) אן אייזענבאהן־סטאציאן, וואו די באהן שטעלט זיך אב נור ווען עס ווערט געגע־בען א סיגנאל פון דער סטאציאן.

flag'stone *n.* (פלעג'־סטאון) א פלאכער, ארומגעהאקטער שטיין צום ברוקירען.

flag'worm *n.* (פלעג'־הוואירם) אזא ערד־ווארים.

flail *n.* (פלייל) א דרעש־שלעגעל [אן אינ־סטרומענט אויסצודרעשען די קערנער פון די זאנגען]; דרעשען מיט א שלעגעל.

flair *n.* (פלעהר) א חוש הריח.

flake *n. and v.* (פלייק) א שטיקעלע; א שנעעלע [א שטיקעלע שנעע וואס פאלט]; אן איבערשפּרייטונג, א שיכט; א פלאטפארמע, אויף וועלכער מען טרי־קענט געזאלצענע פיש; די צוויי־פארביגע נעלקע [אזא פלאנצע]; איינע פון די רינגען פון א צונויפגעלעגטען שטריק אדער

קאנאט אויף א שיף; אבשיילען; אבבלע־טערען; זיך בעדעקען מיט דינע שיכטען איינע אויף די אנדערע; זיך אויסלעגען אין רינגען [ווי אן אויסגעלעגטער שטריק אויף א שיף].

flake off (פלייק אף) זיך אבבלעטערען.

flake'-white *n.* (פלייק'–הוואיט) בליי־וויס [די ריינסטע ווייסע בליי אין דער פארם פון דינע בלעטען].

fla'king *n.* (פליי'–קינג) דאס אבקלאפען פון קרעמענעס [אזא הארטער שטיין] די־נע שיכטען.

fla'king-ham'mer *n.* (פליי'–קינג–העמ'–ער) א האמער, מיט וועלכען מען קלאפט אב פון א קרעמען דינע שיכטען.

fla'ky *a.* (פליי'–קי) וואס בעשטעהט פון שטיקלעך; וואס בעשטעהט פון בלעטער אדער שיכטען; וואס איז אויסגעלעגט שיכטענווייז.

flam *n. and v.* (פלעם) א בבא־מעשה; א פוסטע זאך; א ליגען; אבנארען מיט נארישע מעשיות; אמוזירען מיט בבא־מעשיות.

flam'beau *n.* (פלעמ'–באו) א פאקעל; א לייכטער פון בראנזע אדער אנדערע מע־טאלען געמאכט זעהר ארטיסטיש; איינע פון א רייהע קעסלען אין א צוקער־פאבריק.

flamboy'ant *a. and n.* (פלעמ–באי'–ענט) באמבאסטיש; אויפגעבלאזען; מליצה־דיג; מיט קלינגענדע פראזען; אויפגע־פלאמט; ברענענדיג אין פלאמען; וועלען־ארטיג, אין דער פארם פון וועלען אדער כוואליעס; אין ארכיטעקטור — פלאמ־ארטיג [וועגען פערציערונגען אויף גע־ביידען פון גאטישען סטיל]; געוויסע וועסט־אינדישע פלאנצען מיט העל־רויטע בלומען.



Flamboyant

flame *n. and v.* (פליים) א פלאם, פייער גלוטה; הייסע ליעבע; היציגקייט; כעס, צארן; פלאמען, ברענען, פלאקערען; גלי־הען; צוהיצען זיך.

flame'-col'or *n.* (פליים'–קאל'–אר) פלאמען־קאליר [א העלער, רויטליך־אראנ־זשען־קאליר]. ז. איך. *"Colors"*.

flame'-col'ored *a.* (פליים'–קאל'–ארד) מיט א פלאמען־קאליר [פון א העלען רויטליך־אראנזשען־קאליר].

flame'less *a.* (פליימ'–לעס) אהן א פלאם.

flame'let *n.* (פליימ'–לעט) א קליין פלע־מעלע.

fla'men *n.* (פליי'–מען) א פלאמין, איינער פון די פריסטער אדער כהנים אין אלטען רוים, וועלכע פלעגען בעדיענען נור איין גאט [די וויכטיגסטע פון די פלאמינען זיינען געווען די כהנים פון יופיטער און פון מארס].

fla'menship *n.* (פליי'–מען–שיפ) דאס אמט אדער טיטעל פון א פלאמין.

ז. *flamen*

fla'mers *n.* (פליי'–מערז) א מין שווע־בעלעך, צינדהעלצלעך.

flame up (פליים אפ) אויפפלאמען, אויפפלאקערען; אנצינדען זיך מיט א גע־וויסער תאוה אדער ליידענשאפט.

fla'ming *a.* (פליי'–מינג) פון א פלא־מען־קאליר; פלאמען־ארטיג אדער וועלען־ארטיג; וואס האט די נייגונג אויפצופלא־קערען אדער אויפצורעגען זיך.

fla'mingly *adv.* (פליי'–מינג–לי) אויף א ברענענדען, פלאמענדען אדער גלענצנ־דען אופן.

flamin'go *n.* (פלי–מינ'–גאו) די פלא־מינגא [א רויטליכער וואסער־פויגעל מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און מיט א גרויסען אויסגעבויגענעם שנאבעל].

Flamingo

fla'my *a.* (פליי'–מי) פלאמיג, גליהענד.

flanch *n.* (פלענטש) ז. *flange*

flâneur' *n.* (פלע–נויר') א פוילענצער, א פוסטעפאסניק.

flange *n. and v.* (פלענדזש) אן ארויס־געשטארצטער אדער אבגעבויגענער ראנד [ווי די ראנדען פון צוויי גוס־אייזערנע רעהרען, וועלכע שליסען זיך צוזאמען]; אן אייזערנער רינג, וועלכער שטעלט זיך אריין אין אן אויסגעבויערטען לאך, כדי די ווענטלעך פון דעם לאך זאלען זיך ניט אויסרייבען; א דעקעל אויף א רעהר אדער צילינדער צו פערדעקען איהם; ארויס־שטארצען; אננעהמען די פארם פון אן אויסגעבויגענעם ראנד; אריינשטעלען א רינג אין אן אויסגעבויערטען לאך.

flank *n. and v.* (פלענק) א זייט, די פלאנקען; אין מיליטער — דער פלאנג אדער די אטריאדען פון אן ארמעע, וואס שטעהען ביי די זייטען; אין בעפעסטי־גונגס־ווערק — די פלאנגען אדער זייט־ווא־לען פון א באסטיאן; בעשיצען אדער פער־דעקען פון פלאנג אדער פון דער זייט; אנפאלען פון פלאנג; שטעהן אן א זייט.

flank'-attack' *n.* (פלענק'–ע–טעק') אן אטאקע אדער אנפאל אויף'ן שונא פון דער זייט.

flan'ker *n.* (פלענ'–קער) די פלאנג; א פלאנג־אטריאדען פון אן ארמעע; א זייט־פעסטונג.

flan'nel *n. and a.* (פלענ'–על) פלאנעל [אזא ווייכער, וואלענער שטאף]; געמאכט פון פלאנעל.

flan'ning *n.* (פלענ'–אינג) אין ארכיטעק־טור — די אויסשרעגונג פון פענסטער [דאס בויען די פענסטער אזוי, אז די ביישטידלעך זאלען זיין שרעג, כדי דער חלל פון פענסטער זאל פון אינעווייניג זיין ברייטער איידער פון דרויסען].

flap *n. and v.* (פלעפ) א לייכטער קלאפ; א פאלע [פון א בגד]; דאס אויער־לע־פעל [תנוך האוזן]; א לאץ; א פאט [פון א קעשענע]; דאס אויערעל פון א שוך; א קלאפע וואס ווערט בענוצט צו פערהאל־טען א שטראם וואסער אום ניט אריינ־צולאזען עס אין רינע; אין כירורגיע — א שטיקעל אבגעשנידענע הויט אדער פלייש, וואס הענגט אראב; קלאפען; פא־טשען; פלאטערען; בעוועגען זיך הין און צוריק; אראבהענגען; בעוועגען אדער פא־טשען מיט די פליגלען; צומאכען א פאלע צו עפעס.

flap'doodle *n.* (פלעפ'–דוהדל) נארען־שפייז, די שפייז מיט וועלכער נאראנים ערנעהרען זיך; דומהייטען, שטות, נאריש־קייטען.

flap'-door *n.* (פלעפ'–דאור) א טהיר וואס עפענט זיך פון אינעוועניג און פון דרויסען.

flap down (פלעפ דאון) אומוואַרפען, שטירצען.

flap'dragon *n. and v.* (פלעפ'–דרעג–אן) א שפיעל, אין וועלכען מען כאפט ארויס פון ברענענדען שנאפס אדער ספּירטוס פלוימען, ראזשינקעס א. ד. ג. און מען שלינגט זיי איין; ראזשינקעס, פלוימען א. ד. ג. וואס ליעגען אין ברענענדען ספי־ריטוס; פערשלינגען מיט איין מאל.

flap'-eared *a.* (פלעפ'–איערד) וואס האט הענגענדע אויערען.

flap'jack *n.* (פלעפ'–דזשעק) א פאן־קוכען; א לאטקע.

flap'-mouthed *a.* (פלעפ'–מאוטהט) מיט אראבהענגענדע ליפען [ווי א הונד].

flap'per *n.* (פלעפ'–ער) א קלאפע; א יונג ווילד ענטעל; א דערמאהנער [איי־נער אדער עפעס וואס איז בעשטימט צוצו־ציהען די אויפמערקזאמקייט אדער צו דער־מאהנען].

flap the mem'ory (פלעפ טהי מעמ'–א–רי) זיך געבען א קלאפ אין שטערען עטוואס זיך צו דערמאהנען.

flare *v. and n.* (פלעהר) אויפ־שימערען; פערבלענדען מיט א פלוצליכען פלאקערען; בלישטשען; גלימערען; פערברייטערען זיך ביי דער עפענונג [ווי דאס לאך פון א טרובע]; אויסברייטען זיך נאך אויסוועניג [ווי די זייטען פון א שיף]; שימערען פאר איינעמס אויגען, ארויס־טרעטען מיט גדלות; די שימערונג, דאס בלישטשען; גדלות.

flare'-up *n.* (פלעהר'–אפ) א פלוצליכער פערבלענדענדער שיין; א פלוצליכער קריעג.

flar'ing *a.* (פלעהר'–אינג) שימערענד, פלאמענד, גלימערענד; וואס שטעלט זיך ארויס; וואס טרעט ארויס מיט גדלות.

flar'ingly *adv.* (פלעהר'–אינג–לי) אויף א שימערענדען שטייגער; דורך בעריהמע־ריי אדער גדל'ענען זיך.

flash *v., n. and a.* (פלעש) א בליאסק טהאן; פלוצלונג אויפבליצען, אויפפלאקע־רען, אויפשיינען, אבגלאנצען אדער אויפ־גליהען; מאכען עפעס שנעל אויפפלאקערען, אויפגלאנצען, אויפבליצען אדער אויפגלי־הען; בליץ־שנעל ערשיינען, זיך נעהמען צו עפעס אדער דורכלויפען; שנעל עפעס שיקען; מאכען עפעס זאל אויסזעהן גלענ־צענד און אנציהענד; צוגעבען א פאלשען גלאנץ; שטרעבען זיך ארויסצוציינען בע־סער אדער שעהנער ווי מען איז; איבער־ברענען גלאז צום צווייטען מאל כדי עס צו מאכען פארביג; פערוואנדלען א נאך

ניט פערהארטעוועטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; שפריצען [ווי כוואליעס]; קינסטליך אויפהויבען די הויך פון וואסער; קינסטליך פערפלייצען; א בליאסק; א פלוצלונגע אויפשטראהלונג, אויפבליצונג אדער אויפגליהונג; א קורצער, שטארקער, בליץ=ארטיגער אויסברוך [פון שארפזין, קאלירען=עפעקטען א. ד. ג.]; א קורצע ווײלע, א מאמענט; א געמיש פון געברענטען צוקער מיט אנדערע שטאפען צו פארבען בראנפען; א סאזשעלקע, א שליוזע, א שטארקער וואסער=שטראם; אהן טעם, אבגעשמאקט, אויסגעוועפט, וואולגאר=גלענצענד, וואולגאר=אויסשטעלעריש; בלענדענד, שרייענד [וועגען פארבען]; ערפאהרען, כיטרע, דורכגעטריבען; וואס איז שייך צו אדער וואס איז פערבונדען מיט גנבים, אויסוואגרפען, גאסען=פרויען א. ד. ג.

flash′er *n.* (פלעש′-ער) איינער אדער עטוואס וואס בליצט פלוצלונג אויף, גליהט אויף אדער פלאקערט אויף; איינער אדער עטוואס וואס מאכט עפעס שנעל און שטארק אויפגליהען, אויפבליצען, ערשיינען אדער אבגלאנצען; איינער וואס וויל ארויסצייגען מעהר שארפזין וויפיעל ער פערמאגט אין אמת′ען; א הײם קעסעל, אין וועלכען מען שפריצט ביסלעכווייז אריין וואסער וואס ווערט מאמענטאן פערוואנדעלט אין דאמפף.

flash′-house *n.* (פלעש′-האוס) א גנבים=הויז, א הויז וואו עס פערזאמלען זיך גנבים און גאסען=פרויען און וואו מען האלט גע′גנב′עטע זאכען.

flash′ily *adv.* (פלעש′-אי-לי) אויף א פינקלענדען, גלענצענדען שטייגער; מיט א פלעצליכער שטארקער אויפשטראהלונג אדער אויפבליהונג; אויבערפלעכליך [אין שארפזיניגקייט און דענקען]; מאכענדיג אן אנשטעל; שטרעבענדיג אויסצוזעהן בעסער אדער שעהנער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.

flash′iness *n.* (פלעש′-אי-נעס) דאס זיין גלענצענד אדער אויפבליצענד; דאס מאכען אן אנשטעל; דאס אויסזעהן אדער שטרעבען אויסצוזעהן שעהנער און בעסער ווי אין אמת′ען; וואולגארער גלאנץ; ביליגע בעפוצונג.

flash′ing *n.* (פלעש′-אינג) ביי גלאז=ארבייט — דאס דערהיצען צום צווייטען מאל נאך ניט אין גאנצען פארטיגע גלעזערנע זאכען אום זיי צו מאכען גלאט; דאס פערוואנדלען אן אויסגעהוילטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; דאס מאכען גלאז פארביג; אין ארכיטעקטור — דאס בעפעסטיגען געוויסע טיילען פון דער געביידע [דארט וואו א וואנד קומט זיך צונויף מיט′ן דאך] מיט שטיקער צין, בליי אדער אנדערע מעטאלען; קינסטליכע מיטלען אבצופיהרען דאס וואסער פון א טייך.

flash′ing-board *n.* (פלעש′-אינג-באורד) א ברעט אדער א פאררריכטונג צו פערגרעסערען די טיעפקייט אדער שטארקייט פון א שטראם דורך פערקלענערען זיין ברייט.

flash′ing-fur′nace *n.* (פלעש′-אינג-פויר′-נײס) אן אויווען אין גלאז=פאבריקען, אין וועלכען מען דערהיצט די גלעזערנע זאכען צום צווייטען מאל, אום זיי אויסצובעסערען אדער אום זיי צו פארבען.

flash′ing-point *n.* (פלעש′-אינג-פאינט) די טעמפעראטור, ביי וועלכער די פארע [פון דערהיצטע אוילען] פלאמט פלוצלונג אויף.

flash in the pan (פלעש אין טהי פען) אן עקספלאזיאן פון דעם פולווער אין א שיס=געוועהר, ביי וועלכער די קויל פליהט ניט ארויס; א ניט געלונגענער פערזוך; א גרויסארטיגער, רעש′דיגער פערזוך וואס ענדיגט זיך מיט גארניט.

flash lan′guage (פלעש לענ′-גװעדזש) א גנבים=שפראך.

flash′-light *n.* (פלעש′-לאיט) בליץ=שיין; קורצע, העלע ליכט=אויפבליצונגען וואס דיענען אלס מיליטערישע סיגנאלען אדער וועלכע מען לאזט ארויס אויף לייכט=טורעמס; א קורצע העלע בליץ=ליכטיגקייט, וועלכע ווערט געמאכט צו פאטאגראפיען ביינאכט.

flash′man *n.* (פלעש′-מען) א לומפ [הויפטזעכליך אזעלכער וואס פערשטעלט זיך פאר אן אנשטענדיגען מענשען].

flash notes (פלעש נאוטס) געפעלשטע וועקסלען.

flash of light′ning (פלעש אוו לאיט′-נינג) א בליץ=שטראהל.

flash on (פלעש אן) קומען פלוצלונג אין זינען, פלוצלונג איינפאלען.

flash′-pipe *n.* (פלעש′-פאיפ) א גאז=רעהר מיט קליינע לעכלעך, מיט דער הילף פון וועלכער מען צינדט אן גאז=ברענערס.

flash′-point *n.* (פלעש′-פאינט) ז. *flashing-point*.

flash song (פלעש סאנג) א גאסען=ליעד.

flash′-test *n.* (פלעש′-טעסט) א פראבע צו בעשטימען די טעמפעראטור, ביי וועלכער קעראסין [פעטראלעאום] אדער אנדערע עהנליכע שטאפען פלאקערען אויף.

flash through (פלעש טהרוה) דורכבליצען, דורכפליהען.

flash′-torch *n.* (פלעש′-טאהרטש) א בליץ=פאקעל [א פארריכטונג צו מאכען א קינסטליכען בליץ אין די טעאטערע].

flash′-wheel *n.* (פלעש′-הוויעל) א ראד, מיט דער הילף פון וועלכער מען הויבט אויף די פלעכע פון דעם וואסער אין א טייך.

flash′y *a.* (פלעש′-אי) וואס פערבלענדעט בלויז אויף א ווײלע; שרייעריש=בלענדענד; ווי א בליץ, אונרעגעלמעסיג, קאפריזנע, אימפולסיוו, פייעריג, היציג.

flask *n.* (פלעסק) א פלעשעל [בעזאנדערס אזוינס, וואס האט א ספעציעלע פארם, ווי א פלאך קעשענע=פלעשעל, אן אייזערען פלעשעל, א קאראפין א. ד. ג.]; א פולווער=הארן.

flask′-shaped *a.* (פלעסק′-שייפט) וואס האט די פארם פון א רונדען פלעשעל.

flat *a., adv., n. and v.* (פלעט) פלאך, פלאטשיג; פראסט, שוואך [וועגען דעם צושטאנד פון אקציעס אויף דער בערזע]; מאט; שטיל, זאנפט, ווייך [וועגען א שטימע אדער קלאנג]; אין מוזיק — אונטערן טאן; אהן גלאנץ [וועגען פארב]; ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; געמיין; טעמפ; אהן געשמאק; ענטשיעדען, געוויס, קלאר ווי אויף דער האנד; לעבלאז; מוטלאז; אויף א פלאכען אופן; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; אן עבענע, א פלאך לאנד; עטוואס פלאכעס אדער פלאטשיגעס; א דומער מענש, א דומקאפ, א שוטה; דער בעמאל [א צייכען אין מוזיק וועלכער דריקט ארונטער א האלבען טאן]; א פאמיליען=וואהנונג פון איינציגע צימערען אויף איין עטאזש; א הויז וואס ענטהאלט אזעלכע וואהנונגען; מאכען געשמאקלאז; ארראבנעהמען דעם גלאנץ פון א פארב; ארראבדריקען דעם טאן, מאכען נידריגער דעם טאן מיט א האלבער נאטע; ארראבדריקען; מאכען פלאך; זינגען אויף א נידריגען טאן; ווערען פלאך; ווערען דום.

flat and plain (פלעט ענד פליין) גאנץ איינפאך.

flat′bill *n.* (פלעט′-ביל) דער פלאך=שנאבעל [אזא פויגעל מיט א פלאכען שנאבעל]; א פלאך=שנאבעלדיגער פויגעל.

flat′boat *n.* (פלעט′-באוט) א שיף אדער בארזשע מיט א פלאכען דעק צו פיהרען פראכט.

flat calm (פלעט קאהם) א טויט=שטיל וועטער.

flat chest (פלעט טשעסט) אן איינגעפאלענע ברוסט.

flat deni′al (פלעט די-נאי′-על) א פאלשטענדיגע אבלייקענונג.

flat fifth (פלעט פיפטה) — אין מוזיק די קווינטא מינאר.

flat′fish *n.* (פלעט′-פיש) דער פלאך=פיש [פלאטשיגער פיש, ווי א פלאנדערקע א. ד. ג.].

flat′foot *n.* (פלעט′-פוט) א פלאכער פוס [א פוס מיט א נידריגען זויל=געלענק].

flat′-foot′ed *a.* (פלעט′-פוט′-עד) וואס האט א פלאכען פוס [מיט א נידריגען געלענק]; פעסט, ענטשלאסען.

flat′head *a. and n.* (פלעט′-העד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ [בעזאנדערס וועגען געוויסע אינדיאנער אין אמעריקא]; אזא שלאנג מיט א פלאכען קאפ.

flat′-head′ed *a.* (פלעט′-העד′-עד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ.

flat′-house *n.* (פלעט′-האוס) א הויז וואו אויף יעדען עטאזש זיינען פאראן גאנצע פאמיליען=וואהנונגען.

flat′-i′ron *n.* (פלעט′-אי′-ערן) א פלעט=אייזען, א בינגעל=אייזען, א פרעס=אייזען.

flat lie (פלעט לאי) א פשוט′ער ליגען.

flat′lings *adv.* (פלעט′-לינגז) ענטשיעדען, פאזיטיוו.

flat′long *adv.* (פלעט′-לאנג) מיט דער פלאכער זייט.

flat′ly *adv.* (פלעט′-לי) אויף א פלאכען אדער פלאטשיגען אופן; אין א פלאכער לאגע, האריזאנטאל; ענטשיעדען, פאזיטיוו; ניט גייסטרייך, דום.

flat′ness *n.* (פלעט′-נעס) געשמאקלאזיגקייט; לעבענסלאזיגקייט; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; טעמפקייט; טיעפקייט [פון א טאן].

flat′nose *a. and n.* (פלעט′-נאוז) וואס האט א פלאטשיגע נאז; איינער וואס האט א פלאטשיגע נאז.

flat′-nosed *a.* (פלעט′-נאוזד) מיט א פלאטשיגער נאז.

flat′ten *v.* (פלעטן) פלאך אדער פלאטשיג מאכען; פלעטען, גלאט מאכען; טעמפ מאכען, אוועקנעהמען דעם געשמאק; נידערשלאגען, אומעדיג מאכען; ארראבדריקען דעם טאן; ווערען מאט [וועגען פארבען]; פלאך ווערען; ווערען געשמאקלאז אדער גייסטלאז; ווערען מוטלאז אדער בעטריבט.

flat′tened *a.* (פלעט′נד) וואס איז געמאכט פלאך אדער פלאטשיג.

flat′tening-mill *n.* (פלעט′-נינג-מיל) א וואלץ=פאבריק, א פאבריק, וואו מעטאל ווערט געוואלצט אין פלאטען.

flat′ter *n. and v.* (פלעט′-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פלאך אדער פלאטשיג; א פלעטער [אזא ברייטער האמער פון א שמיעד צום שמיעדען פלאטשיג]; שמייכלען, חנפ′ענען.

flat'terable *a.* (פלעט'-ער-עבל) שמייכעלהאפט.

flat'terer *n.* (פלעט'-ער-ער) א שמייכלער, א חונף.

flat'tering *a.* (פלעט'-ער-אינג) שמייכלעריש, שמייכעלהאפט

flat'teringly *adv.* (פלעט'-ער-אינ-גלי) אויף א שמייכלערישען אדער חניפה'דיגען אופן.

flat'tery *n.* (פלעט'-ע-רי) חניפה, שמייכעליי.

flat third (פלעט טהוירד) — אין מוזיק — די טערצא מינאר.

flat'ting *n.* (פלעט'-אינג) דאס פארבען מאט, אהן א גלאנץ; דאס וואלצען מעטאל אין פלאטען; דאס אראבדריקען דעם טאן אין זינגען אדער שפיעלען.

flat'ting-mill *n.* (פלעט'-אינג-מיל) ז. *flattening-mill*

flat'tish *a.* (פלעט'-איש) פלאכליך אדער פלאטשיגליך.

flat'ulence *n.* (פלעט'-יו-לענס) דאס ליידען פון ווינד אין מאגען; פוסטקייט, לעערקייט, נישטינקייט.

flat'ulency *n.* (פלעט'-יו-לענ-סי) ז. *flatulence*

flat'ulent *a.* (פלעט'-יו-לענט) וואס ליידט פון ווינד אין מאגען; ווינדיג; פוסט, נישטיג; אנגעבלאזען.

flat'ulently *adv.* (פלעט'-יו-לענט-לי) אויפגעבלאזען, פוסט, ווינדיג.

flat'uous *a.* (פלעט'-יו-אס) ז. *flatulent*

fla'tus *n.* (פליי'-טאס) א בלאז, א הויך; ווינד אין די געדערים; דונסט; אנגעשוואלענקייט, אנגעבלאזענקייט.

flat'ways *adv.* (פלעט'-הווייז) מיט דער פלאטשיגער זייט אראב אדער צו עפעס.

flat'wise *adv.* (פלעט'-הוואיז) ז. *flatways*

flat'worm *n.* (פלעט'-הוואירם) א פלאכער ווארים.

flaunt *v. and n.* (פלאהנט) פלאטערען, וועהען; פראנטעווען, זיך ציערען; שטאלצירען, זיך אויפבלאזען; נארישער פוץ; פרעכער שטאלץ; בעריהמעריי; דאס בלאזען זיך.

Uncultured people love to **flaunt** their wealth.

flaun'ter *n.* (פלאהנ'-טער) איינער וואס בלאזט פון זיך; א נארישער בעריהמער.

flaun'ting *a.* (פלאהנ'-טינג) מיט נארישען פוץ, מיט פוסטער בעריהמעריי.

flaun'tingly *adv.* (פלאהנ'-טינג-לי) דורך נארישען פוץ אדער בעריהמעריי.

flaun'ty *a.* (פלאהנ'-טי) ז. *flaunting*

flauti'no *n.* (פלאו-טי'-נאו) א קליינע פלייט.

flau'tist *n.* (פלאה'-טיסט) א פלייטשפיעלער.

flau'to *n.* (פלאו'-טאו) א פלייט.

flaves'cent *a.* (פלע-וועס'-ענט) געלבליך, וואס ווערט געלב.

flav'in *n.* (פלעוו'-אין) פלאווין, א מין געלבער פארב־שטאף.

fla'vor *n. and v.* (פליי'-וואר) א געשמאקער ריח; ארמאט; א גוטער געשמאק; אנגענעהמליכקייט; זאפט, סאק; מאכען געשמאק; צוגעבען ארמאט.

fla'vored *a.* (פליי'-ווארד) געווירצט; מיט א געשמאקען זאפט אדער ריח.

fla'vorless *a.* (פליי'-ווארלעס) אהן געשמאק, אהן א טעם.

fla'vorous *a.* (פליי'-ווארס) שמעקענד; געשמאק.

flaw *n. and v.* (פלאה) א ברוך, א ריס; א פלעק [אין אן עדעלשטיין]; א חסרון, א פעהלער; נישטינקייט, אונגילטיגקייט [אין געזעץ]; א ווינד־שטוים; אין וועבעריי — א פלאנטער, א קניפעל; א קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט שטעהט אב פון די נעגעל; ברעכען, מאכען ריצען אדער ריסען.

flaw'less *a.* (פלאה'-לעס) אהן ריסען אדער ריצען; אהן פעהלער.

flaw'lessly *adv.* (פלאה'-לעס-לי) אהן חסרונות אדער פעהלערען.

flaw'y *a.* (פלאה'-אי) מיט ריסען אדער ריצען; פעהלערהאפט; מיט חסרונות; אויף וועלכען דער ווינד טהוט פלוצלונג א בלאז.

flax *n.* (פלעקס) פלאקס, די פלאקס־פלאנצע.

Flax

flax'-comb *n.* (פלעקס'-קאום) א פלאקס־קאם [א קאם צו בערשטען פלאקס].

flax'-cot'ton *n.* (פלעקס'-קאטן) פלאקס געמאכט ווי באוועל.

flax'-dress'er *n.* (פלעקס'-דרעס'-ער) א פלאקס־קעמער, דער וואס גרייט צו פלאקס צום שפינען.

flax'-dress'ing *n.* (פלעקס'-דרעס'-אינג) דאס בערשטען פלאקס; דאס פערפערטיגען פלאקס צום שפינען.

flax'en *a.* (פלעקסן) עהנליך צו פלאקס; געמאכט פון פלאקס; בלאנד, העל־געלב; וואס איז שייך צו פלאקס.

flax'en hair (פלעקסן העהר) גאנץ העל־בלאנדע האר [ווי פלאקס].

flax'-plant *n.* (פלעקס'-פלענט) דער נייזעעלאנדישער פלאקס [א פלאנצע אהן א שטאם מיט לאנגע און ברייטע בלעטער און מיט שטארקע אדערען, פון וועלכע מען מאכט שטריק און קאנאטען].

flax'-pull'er *n.* (פלעקס'-פול'-ער) א מאשין אראבצונעהמען פלאקס פון פעלד.

flax'seed *n. and a.* (פלעקס'-סיעד) ליינזוימען [די זאט פון פלאקס]; וואס איז עהנליך צו ליינזוימען.

flax'weed *n.* (פלעקס'-הוויעד) פלאקס־גראז [א מין גראז מיט רויטע אדער ווייסע בליטהען].

flax'-wench *n.* (פלעקס'-הווענטש) א פלאקס־שפינערין; א פראסטע פרוי.

flax'wort *n.* (פלעקס'-הוואירט) א פלאקס־פלאנצע [יעדע פלאנצע אדער גראז פון דעם מין פלאקסען].

flax'y *a.* (פלעק'-סי) ווי פלאקס; מיט א העלען קאליר; בלאנד.

flay *v.* (פליי) שינדען, אראבציהען די הויט.

flay'er *n.* (פליי'-ער) א שינדער.

flea *n.* (פליע) א פלוי.

flea'bane *n.* (פליע'-ביין) פליי־פעפער [א מין פלאנצע, וועלכע ווירקט אויף דער פערניכטונג פון פליי].

flea'bite *n.* (פליע'-באיט) א ביס פון א פלוי; א קליינער שמערץ; א קלייניגקייט.

flea'bitten *a.* (פליע'-ביטן) געביסען פון פליי; ווייס מיט רויטע פינטעלעך [וועגען א געוויסען קאליר פון פערד].

fleck *n. and v.* (פלעק) א פלעק: מאכען א פלעק.

flecked *a.* (פלעקט) געפלעקט.

fleck'er *v.* (פלעק'-ער) מאכען פלעקען.

fleck'less *a.* (פלעק'-לעס) אהן א פלעק; וואס מעז קען ניט בלאמירען אדער מאכען א פארוואורף.

flec'tion *n.* (פלעק'-שאן) דאס בויגען; א בויגונג; אין גראמאטיק — די פלעקסיאן, די ענדערונג פון ווערטער דורך דעקלינאציאן אדער קאניוגאציאן.

flec'tional *a.* (פלעק'-שאנ-על) אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו פלעקסיאן. ז. *flection*

fled (פלעד) געפלויגען, אוועקגעפלויגען. ז. *flee*

fledge *v.* (פלעדזש) בעקומען גענוג גרויסע פעדערען אין די פליגלען צו קענען פליהען.

fledged *a.* (פלעדזשד) וואס איז בעוואקסען מיט פעדערען; וואס קען פליהען; וואס האט פליגלען צום פליהען; וואס די פליגלען זיינען ענטוויקעלט צום פליהען.

fledge'ling *n. and a.* (פלעדזש'-לינג) א יונג פייגעלע וואס איז נור־וואס בעוואקסען געווארען מיט פעדערען; א פריץ, א נאך אונערפאהרענער; נאר וואס בעוואקסען מיט פערערען; אונערפאהרען.

fledg'ling *n. and a.* (פלעדזש'-לינג) ז. *fledgeling*

flee *v.* (פליע) פליהען; אוועקפליהען; פערשווינדען.

fleece *n. and v.* (פליעס) שאף־וואל; די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל; שערען שאף; פלינדערען, רויבען, שינדען; בערויבען, אוועקנעהמען.

fleeced *a.* (פליעסט) וואס האט וואל; וואליג.

flee'cer *n.* (פליע'-סער) א הויט־שינדער, א בערויבער.

fleece'-wool *n.* (פליעס'-הוואול) די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל.

flee'cy *a. and n.* (פליע'-סי) בעדעקט מיט וואל; וואליג; וואס איז עהנליך צו וואל; בעדעקט מיט לייכטע וואלקען; וואס איז שייך צו וואל; אזא ווייכער זארט פאדעם וואס ווערט בענוצט צום שטריקען.

flee'cy clouds (פליע'-סי קלאודז) לייכטע קנוילינע וואלקען.

fleer *v. and n.* (פליער) מאכען העויות, פערקרימען דאס פנים; פערשפאטען, אבלאכען פון...; א העויה; אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fle'er *n.* (פליע'-ער) איינער וואס אנטלויפט.

fleer'er *n.* (פליער'-ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fleer'ing *n.* (פליער'-אינג) דאס אבלאכען, דאס אבשפאטען.

fleer'ingly *adv.* (פליער'-אינג-לי) אויף אן אבלאכענדען אדער אבשפאטענדען אופן.

fleet *n., a. and v.* (פליעט) א פלאטע; א קריעגס־פלאטע; א בוכטע; שנעל; לייכט; מאגער; דין; ניט טיעף [וועגען באדען]; ענדערען דעם פלאץ [אויף א שיף]; שנעל אוועקפליהען.

fleet'-foot *a.* (פליעט־פוט) ז. ***fleet-footed***.

fleet'-foot'ed *a.* (פליעט־פוט־עד) שנעל־פיסיג, גרינג־פיסיג, וואס לויפט שנעל.

flee'ting *a.* (פליע'־טינג) וואס לויפט שנעל פאריבער; וואס דויערט ניט לאנג.

flee'tingly *adv.* (פליע'־טינג־לי) אויף א שנעל פאריבערלויפענדען שטייגער; ניט דויערנדיג לאנג.

flee'tingness *n.* (פליע'־טינג־נעס) דאס זיין פון ניט לאנגען דויער; דאס שנעל פאריבערלויפען; שנעלקייט.

fleet'ly *adv.* (פליעט'־לי) אויף א שנעלען, געשווינדען אופן.

fleet'ness *n.* (פליעט'־נעס) שנעלקייט; לייכטקייט, געשווינדיגקייט.

Fleet pris'on (פליעט פריזן) א בע־ריהמט געפענגניס אמאל אין לאנדאן, וואו עס פלעגען איינגעשפארט ווערען אזעלכע, וואס האבען ניט בעצאהלט זייערע שולדען.

Flem'ing *n.* (פלעמ'־אינג) א פלאמאנדער [א בעלגיער פון פלאמאנדישער אבשטא־מונג און פלאמאנדישער שפראך. די פלא־מאנדישע שפראך איז זעהר נאהענט צו דער האלענדישער].

Flem'ish *a. and n.* (פלעמ'־איש) פלא־מאנדיש, וואס איז שייך צו די פלאמאנדען, זייער שפראך, ליטעראטור א. ז. וו.; דאס פלאמאנדענטום; די פלאמאנדישע שפראך.

flesh *n., a. and v.* (פלעש) פלייש, מוס־קעלען, דאס לייב, דער קערפער [אין גע־גענזאץ צו דער נשמה]; דער מענש, די מענשהייט; די קערפערליכע נאטור, קער־פערליכקייט; גשמיות; א קרוב, איינער פון דערזעלבער פאמיליע; דער אינעווע־ניגסטער ווייכער [פליישיגער] טייל פון פרוכטען און גרינסען; פליישיג; אנשטא־פען מיט פלייש; אנפרעסען; געבען גרא־בע, קערפערליכע פערגניגענס; צונעבען חשק הינד, פאלקען א. ז. וו. צו יאגד דורך דעם וואס מען גיט זיי פרעסען פלייש; צו־געבען חשק, בעוואגען צו מלחמה און מארד; אברייניגען די פעל פון דעם פלייש; גוט אויסהאדעווען, בעדעקען מיט פלייש; בע־דעקען [ווי מיט פלייש].

flesh and fell (פלעש ענד פעל) הויט און האר; אלעס.

flesh'-ax *n.* (פלעש'־עקס) א קצב'ס האק.

flesh'-broth *n.* (פלעש'־בראהטה) גע־ווירצטער פלייש־זופ.

flesh'-brush *n.* (פלעש'־בראש) א רייב־בארשט.

flesh'-clogged *a.* (פלעש'־קלאגד) וואס האט אויף זיך צופיעל פלייש, בעלאדען מיט פלייש, צו שטארק בעלייבט.

flesh'-col'or *n.* (פלעש'־קאל'־אר) דער נאטירליכער הויט־קאליר פון א געזונדען מענשען פון דער ווייסער ראסע.

flesh'-col'ored *a.* (פלעש'־קאל'־ארד) הויט־פארביג [וואס האט דעם נאטירלי־כען הויט־קאליר פון א געזונדען מענשען פון דער ווייסער ראסע].

flesh'-cree'per *n.* (פלעש'־קריע'־פער) א סענזאציאנעלער ראמאן [מיט שוידער־ליכע פאסירונגען, פון וועלכע עס גרוילט].

flesh'-day *n.* (פלעש'־דיי) דער פלייש־טאג, ניט קיין פאסט־טאג [ביי קריסטען].

fleshed *a.* (פלעשט) פליישיג, דיק.

flesh'er *n.* (פלעש'־ער) איינער וואס רייניגט אב פעל פון פלייש; א געצייג אב־צורייניגען פעל פון פלייש.

flesh'-fly *n.* (פלעש'־פלאי) די פלייש־פליעג [אן אינזעקט וואס נעהרט זיך פון טויטע קערפער און לעגט איהרע אייע־לעך אין דעם פלייש פון לעבעדיגע און, הויפטזעכליך, פון טויטע חיות].

Flesh-fly

flesh' - fork *n.* (פלעש'־פאהרק) א פלייש־גאפעל [א גרויסער גאפעל ארויסצונעהמען פלייש פון טאפ].

flesh'ful *a.* (פלעש'־פול) פעט, דיק, בע־לייבט.

flesh'-hook *n.* (פלעש'־הוק) א האקען צום אויפהענגען פלייש אדער צום אריבער־טראגען גרויסע שטיקער פלייש פון איין ארט אויף'ן צווייטען.

flesh'-hoop *n.* (פלעש'־הופ) די רייף פון א פויק, אויף וועלכער עס איז אנגעצויגען די פעל.

flesh'iness *n.* (פלעש'־אי־נעס) בע־לייבטקייט, דיקקייט.

flesh'ing-knife *n.* (פלעש'־אינג־נאיף) ז. ***flesh-knife***.

flesh'ings *n.* (פלעש'־אינגז) לייב־קאליר־קליידער; דאס פלייש וואס ווערט אבגע־שאבען ביים רייניגען פעל.

flesh'-knife *n.* (פלעש'־נאיף) א מעסער צום אברייניגען פעל פון פלייש, האר א. ד. ג.

flesh'less *a.* (פלעש'־לעס) אהן פלייש, מאגער.

flesh'liness *n.* (פלעש'־לי־נעס) קערפער־ליכקייט, גשמיות; קערפערליכע תאוות.

flesh'ly *a. and adv.* (פלעש'־לי) קער־פערליך; גשמיות'דיג; פליישיג; ווייך־הארציג; אויף א תאוה'דיגען שטייגער.

flesh'-meat *n.* (פלעש'־מיעט) פלייש־שפייז [אין געגענזאץ צו פיש־שפייז].

flesh'monger *n.* (פלעש'־מאנ־גער) א פלייש־הענדלער, א קצב; א פרויען־הענד־לער.

flesh'pot *n.* (פלעש'־פאט) א טאפ, אין וועלכען מען קאכט פלייש; שפייז; דאס זיין איבערגעגעבען צו קערפערליכע תאוות.

flesh'-tint *n.* (פלעש'־טינט) פלייש־פארב, פלייש־קאליר.

flesh'-tooth *n.* (פלעש'־טוהטה) אן אוי־געןצאהן [א קליק] ביי די פלייש־פרעסענ־דע חיות.

flesh'-wound *n.* (פלעש'־הוואונד) א פלייש־וואונד, א וואונד וואס געהט ניט טיעפער פון פלייש, א לייכטע וואונד.

flesh'y *a.* (פלעש'־אי) פליישיג, וואס בע־שטעהט פון פלייש אדער מוסקעלען; קער־פערליך, גשמיות'דיג; בעלייבט, דיק, פעט; פליישארטיג, ווייך.

fleur-de-lis' *n.* (פלויר־דע־ליע') א ליליען־עהנלי־כע ציירונג אויף וואפען אדער הערבען [געווען אין געברויך ביי דער אמא־ליגער פראנצויזישער קע־ניגליכער פאמיליע].

Fleur-de-lis

fleur-de-lys' *n.* (פלויר־דע־ליע') ז. ***fleur-de-lis***.

fleuron' *n.* (פלוי־ראן') א בלומען־עהנליכער טייל פון ציערונג.

flew (פלוה) געפלויגען. ז. ***fly***.

flewed *a.* (פלוהד) וואס האט א גרויסע אראבהענגענדע אויבערשטע ליפ [וועגען א הונד].

flews *n.* (פלוהז) די גרויסע אראבהענגענ־דע אויבערשטע ליפ ביי געוויסע מינים הינד.

flex *v.* (פלעקס) בויגען, לענקען [הויפט־זעכליך וועגען לענק־מוסקעלען].

flexibil'ity *n.* (פלעק־סי־ביל'־אי־טי) בויגזאמקייט, לענקבארקייט, ווייכקייט, נאכ־געביגקייט; דאס קענען איינגעצוימט ווע־רען; קאנטראלירבארקייט; דאס האבען די פעהיגקייט אנצונעהמען פערשידענע פאר־מען אדער אנגעווענדעט ווערען אויף פער־שידענע אופנים; די פעהיגקייט שנעל צו ערפילען א מוזיקאלישע אויפגאבע [הויפט־זעכליך וועגען א שטימע].

flex'ible *a.* (פלעק'־סיבל) בויגזאם, לענק־באר; ווייך, נאכגעביג; וואס מען קען צוי־מען אדער קאנטראלירען; וואס קען צו־געפאסט ווערען, וואס קען אנגעווענדעט ווערען אויף פערשידענע אופנים, וואס קען אננעהמען פערשידענע פארמען; וואס קען שנעל ערפילען א מוזיקאלישע אויפגא־בע [הויפטזעכליך וועגען א שטימע].

flex'ibleness *n.* (פלעק'־סיבל־נעס) בויגזאמקייט, לענקבארקייט, נאכגעביגקייט; דאס קענען איינגעצוימט ווערען; קאנטרא־לירבארקייט, אנווענדבארקייט אויף פער־שידענע אופנים; די פעהיגקייט אנצו־נעהמען פערשידענע פארמען.

flex'ibly *adv.* (פלעק'־סי־בלי) אויף א בויגזאמען, לענקבארען, נאכגעביגען, קאנ־טראלירבארען אופן.

flex'ile *a.* (פלעק'־סיל) בויגזאם, לענקבאר, נאכגעביג; וואס קען איינגעצוימט ווערען; קאנטראלירבאר, אנווענדבאר אויף פער־שידענע אופנים; פעהיג אנצונעהמען פער־שידענע פארמען.

flex'ion *n.* (פלעק'־שאן) ז. ***flection***.

flex'ional *a.* (פלעק'־שאנ־על) ז. ***flectional***.

flex'or *n.* (פלעק'־סאר) א בויג־מוסקעל, א לענק־מוסקעל.

flex'uose *a.* (פלעק'־שיו־אוס) אין באטא־ניק — געבויגען, אויסגעקרימט אדער גע־דרעהט אין פערשידענע ריכטונגען [ווע־גען פלאנצען־שטאמען און צווייגען].

flex'uous *a.* (פלעק'־שיו־אס) געבויגען, געקרימט, געדרעהט; וואנקענד, וואקלענדיג זיך, פערענדערליך, אונבעשטענדיג; אין באטאניק — געבויגען, געקרימט אדער גע־דרעהט אין פערשידענע ריכטונגען [ווע־גען שטאמען און צווייגען]; אין זאאלא־גיע — וואס האט די פארם פון זיגזאגען מיט אבגערונדעטע ווינקלען.

flex'uously *adv.* (פלעק'־שיו־אס־לי) אויף א געבויגענעם אדער געדרעהטען אופן; מיט זיגזאגען.

flex'ure *n.* (פלעק'־שיור) בויגונג, קריי־מונג, אויסבויג, בויג, פאלד, קנייטש.

flich'ter *v.* (פליכ'־טער) לויפען מיט אויסגעשפרייטע ארעמס; פלאטערען.

flick *v. and n.* (פליק) געבען א שנע־לען, לייכטען קלאפ ווי א שמיץ מיט א בייטש אדער שנעל מיט'ן פינגער; אראב־שנעלען; א לייכטער פלעצליכער קלאפ, שנעל.

flick'er *v. and n.* (פליק'־ער) פלאטערען אדער פאטשען מיט די פליגלען; פלאטע־רען [ווי א פלאם אין ווינד]; פינקלען; דאס פלאטערען; דאס פינקלען; דער אמע־ריקאנישער האלץ־פיקער אדער דיאטעל [א קליינער פויגעל פון א געלב־גאלדע־נעם קאליר אונטער די פליגלען און אונ־

טער'ן עק און מיט שווארצע רונדע פינטעלעך אויף'ן קערפער].

Flicker

fli'er *n.* (פלאי'-ער) א פליהער; איינער אדער עפּעס וואס פליהט אדער לויפט מיט א גרויסער שנעלקייט; אן אנטלאפענער; איינער פון די טיילען פון א מאשין אדער מעכאניזם, וועלכע בעוועגען זיך זעהר שנעל; א טרעפּ; א שפּעקולאציאן אויף דער בערזע [דאס קויפען ווערטה=פּאפּיערען פון איינעם וואס פּראבירט מזל אריינצוכאפּען א גרויסען ריוח]; א קליינע אפישע [רעקלאמע].

flight *n. and a.* (פלאיט) דאס פליהען; דאס אוועקפליהען; דאס וואס עס פליהט; א מחנה פליהענדע פויגלען; אן אויסשוס אדער אויסברוך פון כעס אדער פון אן אנדער געפיהל; דער אויסשוס מיט א פייל פון בויגען; א רייה טרעפּ וואס פיהרען פון איין עטאזש צום צווייטען; די מעקענע פון האבער; דאס דינע הייטעל פון א קאווע=נוס; דער פליגעל פון א ווענטילאטאר; די אבבויגונג פון דעם הענטעל פון א קראן; וואס איז שייך צו א מחנה פליהענדע פויגלען.

fligh'tily *adv.* (פלאי'-טי-לי) אויף א קאפּריזנעם, ווילדען אדער משונה'דיגען אופן.

fligh'tiness *n.* (פלאי'-טי-נעס) קאפּריזנעקייט, לייכטזין, אונבעזאנענהייט, ווילדקייט.

flight'less *a.* (פלאיט'-לעס) וואס קען ניט פליהען.

flight of stairs (פלאיט אוו סטעהרז) שטיגען אדער א רייה טרעפּ וואס פיהרען פון איין עטאזש צום צווייטען.

flight'-shot *n.* (פלאיט'-שאט) א שאס פון א בויגען; דער מרחק וואס א פייל פון א בויגען פליהט.

fligh'ty *a.* (פלאי'-טי) קאפּריזנע; לייכטזיניג, אונבעזאנען; ווילד; וואהנזיניג.

flim'flam *n. and v.* (פלים'-פלעם) א נארישקייט, שטות, א בבא=מעשה, א ליגען, א שטוקע, א שפּיצעל; האקען ליגענס; דערצעהלען בבא=מעשות.

flim'sily *adv.* (פלימ'-זי-לי) אויף א לייכטען אדער שוואכען אופן; גרינג, דין, דאר, פּוסט, ארים.

flim'siness *n.* (פלימ'-זי-נעס) דינקייט; שוואכקייט; ארימקייט.

flim'sy *a. and n.* (פלימ'-זי) גרינג, לייכט, שיטער, דין, דאר; שוואך; ארים, פּוסט; זעהר דין פּאפּיער; א באנק=בילעט.

flinch *v.* (פלינטש) זיך צוריקציהען; אויסווייכען [אוים מורא פאר עפּעס]; אראבנעהמען און צוזאמענקלייבען די פעטקייט אדער טראן פון א וואל=פיש.

fling *v. and n.* (פלינג) ווארפען, שלײדערען; אבווארפען, ארונטערווארפען; אבשפּרינגען; אבווארפען זיך; ווארפען זיך אין אלע זייטען; בריקען מיט די פיס; זידלען זיך; א ווארף, א שלײדער; פאלשטענדיגע פרייהייט אין אויפפיהרונג; דאס טהאן וואס דאס הארץ געלוסט; א געוויסער שאטלענדישער דארף=טאנץ; א שטאך=ווארט, א סארקאזם.

fling at (פלינג עט) ווארפען אויף..., שיסען אויף...

fling away' (פלינג ע-הוויי') אוועקשלײדערען; אבווארפען.

fling down (פלינג דאון) אנידערווארפען; צושטערען.

fling'er *n.* (פלינג'-ער) א ווארפער; א שלײדערער; איינער וואס רעדט מיט שטעכווערטלעך אדער סארקאסטיש.

fling in (פלינג אין) צואווארפען, ניט צורעכענען.

fling off (פלינג אף) פערפעהלען דעם ציעל, ניט טרעפען; אין געיעג — פערליערען די שפּור [אין נאכיאגען זיך נאך א חיה].

fling out (פלינג אוט) אויסברעכען, אויסשיסען [מיט א זידלעריי].

flint *n. and a.* (פלינט) א קרעמען [זעהר א הארטער שטיין]; עפּעס וואס איז הארט און לאזט זיך ניט בויגען; געמאכט אדער בעשטעהט פון קרעמען; הארט, שטייף.

flint'-glass *n.* (פלינט'-גלעס) קריסטאלגלאז, קרעמען=גלאז.

flint'-hear'ted *a.* (פלינט'-האר'-טעד) מיט א שטיינערנעם הארץ; בייז, אכזריות'דיג.

flin'tiness *n.* (פלינ'-טי-נעס) הארטקייט; הארטהערציגקייט; אכזריות.

flint'-lock *n.* (פלינט'-לאק) דער שלאס אדער הענטעל פון אן אלטמאדישער ביקס, וואו דער פולווער צינדט זיך אן דורך'ן קלאפּ פון א קרעמען; א ביקס מיט אזא שלאס אדער הענטעל.

flint'stone *n.* (פלינט'-סטאון) דער פייער=שטיין, א קרעמען.

flint'ware *n.* (פלינט'-הוועהר) געשיער אדער כלים פון ענגלישען פּאיאנס.

flin'ty *a.* (פלינ'-טי) פון קרעמען; הארט; הארטהערציג.

flip *v. and n.* (פליפּ) געבען א שנעל; לייכט אויפטרייסלען אדער שאקלען; שמייסען; געבען א זעץ; א שנעל; א קלאפּ; א שמיץ; א געטראנק פון ביער מיט צוקער.

flip'flap *n. and adv.* (פליפּ'-פלעפּ) א קלאפּעריי, א פּאטשעריי; דאס איבערקוליען זיך; א געפעהרליכער שפּרונג; מיט א קלאפּעריי.

flip'pancy *n.* (פליפּ'-ענ-סי) פלינקקייט, שנעלקייט; געלויפיגקייט; אויבערפלעכליכקייט; לייכטזיניגקייט; דאס זיין א פלוידערזאק; עזות, חוצפּה.

flip'pant *a.* (פליפּ'-ענט) פלינק, שנעל; געלויפיג; אויבערפלעכליך; לייכטזיניג; פלוידעריש; עזות'דיג, חוצפּה'דיג.

flip'pantly *adv.* (פליפּ'-ענט-לי) אויף א לייכטזיניגען, אויבערפלעכליכען אדער פלוידערישען שטייגער.

flip'pantness *n.* (פליפּ'-ענט-נעס) ז. *flippancy*.

flip'per *n.* (פליפּ'-ער) דער גליעד וואס דיענט צו שווימען [ווי די פלוס=פעדערען פון א פיש, די לאפּעס פון א ים=הונד, די פליגלען פון א פּינגווין א. ד. ג.]; די האנד; אזא קונץ=דעקאראציע אין א טעאטער; א מין עפּעל=טארט.

flirt *v. and n.* (פלוירט) פלירטעווען, זיך שפּיעלען אין ליעבע; קאקעטירען; שפּאסען; אבלאבען; חוזק מאכען; ווארפען, שלײדערען, שטויסען; שאקלען, טרייסלען; איינער וואס פלירטעוועט אדער שפּיעלט זיך אין ליעבע; א לייכטזיניג פרויענצימער; א קאקעטקע; א שפּאס; א סארקאזם; א מאך; א שטויס.

flirta'tion *n.* (פלויר-טיי'-שאן) דאס פלירטעווען, דאס שפּיעלען אין ליעבע; דאס קאקעטירען.

flirta'tious *a.* (פלויר-טיי'-שאס) וואס פלירטעוועט, וואס שפּיעלט זיך אין ליעבע.

flirta'tiousness *n.* (פלויר-טיי'-שאס-נעס) דאס אבגעבען זיך מיט פלירט, דאס שפּיעלען זיך אין ליעבע.

flir'ter *n.* (פלויר'-טער) א פלירט, א קאקעט, איינער וואס שפּיעלט זיך אין ליעבע.

flir'tigig *n.* (פלויר'-טי-גיג) א לייכטזיניג, קאקעט מיידעל.

flir'ting *a.* (פלויר'-טינג) וואס פלירטעוועט, וואס שפּיעלט זיך אין ליעבע; לייכטזיניג, קאקעטיש; שאקלענד, טרייסלענד.

flir'tingly *adv.* (פלויר'-טינג-לי) אויף א פלירטענדען, קאקעטישען אופן.

flit *v.* (פליט) אוועקפליהען; פליהען.

flitch *n.* (פליטש) א געזאלצענע זייט פלייש פון א שווין; אין טישלעריי — א פלאנקע.

flit'ter *n. and v.* (פליט'-ער) א טראנטע; א קוואדראט בלעכעל צו בעפּוצען עפּעס; דאס וואס פליהט; פלאטערען, שנעל בעוועגען זיך הין און צוריק.

flit'ting *n.* (פליט'-אינג) דאס פלאטערען; דאס פליהען.

flit'tingly *adv.* (פליט'-אינג-לי) אויף א פליהענדען אדער פלאטערענדען אופן.

flix'weed *n.* (פליקס'-הוויעד) סאפּיען=קרויט [א מין גראז וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין].

float *v. and n.* (פלאוט) שווימען; שווימען מיט'ן שטראם; שוועבען; פלאטערען; ברײנגען דערצו, אז עטוואס זאל זיך האלטען אדער שווימען אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט בלויז מיט דער קראפט פון דעם שטראם; בעוואסערען; פערפלייצען; גלאט מאכען, פיילען; בעדעקען מיט פּלאסטער; ארויסלאזען אין אומגאנג, ברײנגען אין אומגאנג [וועגען פינאנציעלע אפּעראציאנען און ווערטה=פּאפּיערען]; ביי יאגד — דערנעהענטערען זיך צו די חיות אויף א שיפעל אדער פּליט; עטוואס וואס ליעגט אדער שוועבט אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט; א פּליט; שווים=האלץ; א קארק אדער עהנליכע זאך ביי א ווענטקע וואס זינקט ניט אין וואסער; דאס שוועבען, פלאטערען אדער שווימען [בלויז מיט דער הילף פון שטראם]; א פּאררינכטונג אויפצוהאלטען א מענשען אין וואסער; א שווים=יאק; א פּענכער אדער אנדער עהנליכער טייל פון קערפּער וואס איז אויסגעהוילט און אנגעפילט מיט לופט [ביי פיש א. ד. ג.] וואס האלט זיי אויף'ן וואסער; א קויהלען=וואגען.

float a com'pany (פלאוט ע קאמ'-פּע-ני) גרינדען אן אקציען=געזעלשאפט.

floa'tage *n.* (פלאו'-טידזש) די פעהיגקייט זיך צו האלטען אדער צו שוועבען אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט [ווי למשל, פון האלץ]; עטוואס וואס האט אזא פעהיגקייט; עטוואס וואס קען זיך האלטען אויף'ן וואסער.

float'-board *n.* (פלאוט'-באורד) די שוויפעל פון א מיהל־ראד אדער רודערער.

float'-cop'per *n.* (פלאוט'-קאפ'-ער) קופער־שטויב וואס ווערט אוועקגעטראגען פון שטראמענדען וואסער.

floa'ter *n.* (פלאו'-טער) איינער אדער עטוואס וואס שווימט אדער פלאטערט אויף'ן וואסער; איינער וואס געהט אויף יאגד אויף א שיפעל אדער אויף א פליט; א פליט צו פערצייכענען די הויך פון דער וואסער־פליעכע; א וועהלער וואס בעלאנגט ניט צו קיין פאליטישער פארטיי [הויפטזעכליך אזעלכער וועמענס שטימע מען קען קויפען]; א שווימענדער טויטער קערפער.

float'-gold *n.* (פלאוט'-גאולד) גאלד־שטויב וואס ווערט אוועקגעטראגען פון שטראמענדען וואסער.

floa'ting *n. and a.* (פלאו'-טינג) דאס שווימען; דאס האלטען זיך אויף דער אויבערפליכע פון א פליסיגקייט; פערפלייצונג; דאס בעדעקען מיט פלאסטער; דאס אבטיילען דורך וואסער קליינע טיילעכלעך פון עפעס [די גרעסערע טיילען זינקען און די קלענערע בלייבען פון אויבען]; דאס פיהרען יאגד אויף א שיפעל אדער פליט; שווימענד, האלטענדיג זיך אויף דער אויבערפליכע פון פליסיגקייט אדער אין דער לופט, פלאטערענד, שוועבענד; וואקלענדיג, ניט בעשטימט; פריי, ניט פעראייניגט, אבגעזונדערט; וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע סומען וואס דארפען איינגעצאהלט ווערען אין פערשיעדענע טערמינען [ווי א חוב, א פערמעגען]; ניט בעזארגט מיט א גרייטען קאפיטאל; ניט בעשטימט פאר געוויסע צוועקען [וועגען א קאפיטאל]; וואס צירקולירט, וואס איז אין געברויך [וועגען קאפיטאל].

floa'ting bridge (פלאו'-טינג ברידזש) א שווימענדע בריק.

floa'ting debt (פלאו'-טינג דעט) א חוב וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע סומען, וועלכע דארפען איינגעצאהלט ווערען אין פערשיעדענע טערמינען.

floa'ting kid'ney (פלאו'-טינג קיד'-ני) א ניר וועלכע איז לויז געווארען און ליעגט ניט אויף איהר ריכטיגען ארט אין בויך.

floa'ting light (פלאו'-טינג לאיט) א לייכט־שיף [אויף'ן ים].

floa'ting mead'ows (פלאו'-טינג מעד'-אוז) פעלדער וואס ווערען אפט פערפלייצט.

floa'ting pol'icy (פלאו'-טינג פאל'-אי-סי) א פייער־פערזיכערונגס־שיין [פאליסי] אויף סחורות אהן דער אנגעבונג פון זייער ווערטה.

floa'ting popula'tion (פלאו'-טינג פאפ-יו-ליי'-שאן) די זיך־וואקלענדע בעפעלקערונג, די ניט תושבים, די צייטווייליגע בעפעלקערונג, די בעפעלקערונג וואס וואנדערט פון איין פלאץ אין צווייטען.

floa'ting screed (פלאו'-טינג סקריעד) א לאנגער אבגעריסענער שטרייף אדער פאס.

floa'ting vote (פלאו'-טינג וואוט) וועהלער וואס בעלאנגען ניט צו קיין פאליטישער פארטייא און וועמענס שטימען מען קען קויפען.

float'stone *n.* (פלאוט'-סטאון) א שווים־שטיין [א מין לעכערדיגער גרויער קווארץ מיט א געלער שאטירונג, וואס שווימט אויף'ן וואסער]; א שטיין מיט וועלכען מען רייבט אב און מען מאכט גלייך די ברעגעס פון אנדערע שטיינער.

floccilla'tion *n.* (פלאק-סי-ליי'-שאן) דאס צופען פון היץ דאס בעטגעוואנד דורך א קראנקען וואס ליעגט אין פיעבער. ז. *carphology*

floc'cose *a.* (פלאק'-אוס) וואליג; פוכיג; בעדעקט מיט וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך.

floc'culence *n.* (פלאק'-יו-לענס) דאס זיין וואליג; דאס בעשטעהן פון פוכיגע אדער וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך; א ווייכער, ווייסער וואקס־שטאף וואס עס טיילען פון זיך אוים איניגע מינים אינזעקטען.

floc'culent *a.* (פלאק'-יו-לענט) וואליג; וואס זעהט אוים ווי א שטיקעל וואל; וואס בעשטעהט ווי פון וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך; פוכיג, בעדעקט מיט פוך [וועגען פויגלען]; בעדעקט מיט שטיקלעך ווייסען, ווייכען, וואקס־פערמיגען שטאף [וועגען אינזעקטען].

floc'culus *n.* (פלאק'-יו-לאס) א קליין שטיקעל וואל; עטוואס וואס זעהט אוים ווי א שטיקעל וואל אדער ווי א שנעעלע; א קליין בינטעל האר [ביי אינזעקטען].

floc'cus *n.* (פלאק'-אס) א שטיקעל וואל, א קנוילכעל אדער עטוואס וואס איז עהנליך דערצו; אין זאאלאגיע — דאס לאנגע בינטעל האר אויף'ן עק ביי איניגע חיות; פוך [ביי פויגלען].

flock *n. and v.* (פלאק) א סטאדע, א הורטע, א מחנה [חיות און פויגעל, הויפטזעכליך ציעגען און שעפסען]; א קאמפאניע, א מחנה מענשען; אן עדה; א בינטעל וואל אדער האר; דין צושטויסענע וואל אדער וואל־שטאף, מיט וועלכע מען בעדעקט א געוויסען זארט טאפעטען אדער אביטשעם; קליינע שטיקלעך וואל, וואל־שטאף, אבפאל פון וואלענע זאכען א. ד. ג., מיט וועלכע מען שטאפט אן מאטראצען, דיוואנען א. ז. וו.; אבפאל, דאס וואס זעצט זיך אב, אבשוים; זיך פערזאמלען אין א סטאדע, הורטע אדער מחנה.

flock'-bed *n.* (פלאק'-בעד) א געלעגער געמאכט פון אבפאל פון וואל, וואלענע שטאפען און עהנליכע זאכען.

flock'ing-machine' *n.* (פלאק'-אינג-מע-שין') א מאשין צו בעדעקען א געוויסען זארט טאפעטען אדער אביטשעם מיט קליינע טיילעכלעך וואל אדער וואל־שטאפען.

flock'-pa'per *n.* (פלאק'-פיי'-פער) טאפעטען אדער אביטשעם פון שעהר־וואל.

flock'y *a.* (פלאק'-אי) וואליג; עהנליך צו בינטלעך וואל, האר אדער פוך.

floe *n.* (פלאו) א קריהע, א שטיק אייז וואס שווימט אויף'ן ים.
The ship was struck by an ice floe.

flog *v.* (פלאג) שמייסען; שלאגען [אין זינגען פון אריבערשטייגען דעם קאנקורענט]; אין פיש־כאפען — האקען דאס וואסער מיט דעם פאדים פון דער ווענטקע.

flog'ger *n.* (פלאג'-ער) א שמייסער, א שמיץ־געבער; א הילצערנער האמער וואס ווערט בענוצט ארומצוקלאפען א שפונט, כדי צו מאכען איהם שוואכער אין דעם לאך וואו ער שטעקט.

flog'ging *n.* (פלאג'-אינג) דאס שמייסען; א בעשטראפונג מיט שמיץ; דאס האקען דאס וואסער מיט דעם פאדים פון דער ווענטקע ביים כאפען פיש.

flood *n. and v.* (פלאד) א וואסער־שטרעמונג, א טייך; דער מבול; אן איבערשוועמונג, א פערפלייצונג; די ארויסגיסונג; פלוט אדער וואסער־צופלוס אין א טייך אדער ים; מענסטרואציע אדער די מאנאטליכע בלוט־גיסונג ביי פרויען [ווען דער פלוס איז צו שטארק]; פערפלייצען, איבערשוועמען; גיסען אדער שטרעמען אין אן אונגעהייערער מאס; האבען זעהר א שטארקע מענסטרואציע.

flood'-gate *n.* (פלאד'-גייט) א שלוזע אדער א טויער וואס הויבט זיך אויף און לאזט זיך אראב, כדי ארייצולאזען אדער ארויסצולאזען דאס וואסער אין א טייך אדער קאנאל.

flood'ing *n.* (פלאד'-אינג) מענסטרואציע [מאנאטליכע בלוט־גיסונג ביי פרויען]; דאס איבערפליסען; דאס איבערשטרעמען.

flood'-mark *n.* (פלאד'-מארק) א צייכען אדער ליניע וואס בעווייזט די הויכקייט פון וואסער אין טייך אדער ים.

flood'-tide *n.* (פלאד'-טאיד) דער פלוט אדער די הויבונג פון וואסער אין ים.

floor *n. and v.* (פלאור) א פוסבאדען, א פאדלאגע, דילען; א טאק [א גלאטער באדען]; אן עטאזש, א שטאק; דער אונטערשטער דעק פון א שיף; אין פארלאמענט אדער אין די געזעצגעבענדע פערזאמלונגען — דער טייל פון הויז, וועלכער איז בעשטימט פאר די מיטגליעדער און פון וועלכען זיי קענען רעדען; דאס רעכט פון איינעם צו רעדען אדער זיין געהערט; בעדעקען מיט א פאדלאגע אדער דילען; שטעלען אויף'ן באדען; ווארפען צו דער ערד; בעזיעגען; שטיל מאכען; ענדיגען עפעס; מאכען א סוף.

floor'age *n.* (פלאור'-עדזש) דער שטח אדער פלאץ פון א פאדלאגע.

floor'-cloth *n.* (פלאור'-קלאהטה) וואקס־טוך אדער דיקע צעראטע, וועלכען מען לעגט אוים אויף דער פאדלאגע.

floor'er *n.* (פלאור'-ער) איינער וואס מאכט פאדלאגעס אדער דילען; איינער אדער עפעס וואס ווארפט צו דער ערד; דאס וואס פיהרט צו איינעמס מפלה.

floor'-head *n.* (פלאור'-העד) די אויבערשטע זייט פון די קלעצער פון א שיף, אויף וועלכער די פאדלאגע ווערט געלעגט.

floor'ing *n.* (פלאור'-אינג) דילען, פאדלאגעס; מאטעריאל פון וואס מען מאכט פאדלאגעס.

floor'less *a.* (פלאור'-לעס) אהן א פאדלאגע.

floor'-tim'ber *n.* (פלאור'-טימ'-בער) איינער פון די קלעצער אדער באלקענס, אויף וועלכע די פאדלאגע ליעגט.

flop *v. and n.* (פלאפ) פלאטערען, פאטשען מיט די פליגלען; לייכט פאלען; אראבפאלען ווי א פלאכטע; צונויפברעכען; זיך אויסציהען אין דער גאנצער לענג [פאלענדיג]; א פלאכטע; דאס צונויפברעכען.

flop'per *n.* (פלאפ'-ער) א יונג ענטעל.

flop'py *a.* (פלאפ'-אי) אראבהענגענד; וואס די ראנדען הענגען אראב.

Flo'ra *n.* (פלאו'-רא) פלארא, די אלט־רוימישע געטין פון בלומען.

flo'ra *n.* (פלאו'-רא) דאס פלאנצען־רייך פון א לאנד אדער געגענד; דאס פלאנצען־רייך פון א געגענד אין א געוויסער געאלאגישער פעריאדע; אן אבהאנדלונג וועגען די פלאנצען פון א לאנד, געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

flo'ral *a.* (פלאו'-רעל) וואס איז שייך צו בלומען, וואס ענטהאלט בלומען.

Flo'ral *a.* (פלאו'-רעל) וואס איז שייך צו דער אלט־רוימישער געטין פלארא [די געטין פון בלומען].

flo'rally *adv.* (פלאו'-רעל-אי) מיט בלומען.

Flor'ence *n.* (פלאר'-ענס) א זארט רויטער פלארענטינער וויין.

Flor'entine *a. and n.* (פלאר'-ען-טין) פון פלארענץ; וואס געהערט צו פלארענץ [א געוויסע שטאדט אין איטאליען]; אן איינוואהנער אדער געבארענער פון פלארענטין.

flor'entine *n.* (פלאר'-ען-טין) אזא זארט פעסטער זיידען=שטאף.

flores'cence *n.* (פלא-רעס'-ענס) דאס בליהען פון בלומען.

flores'cent *a.* (פלא-רעס'-ענט) בליהענד, וואס בליהט זיך פאנאנדער.

flo'ret *n.* (פלאו'-רעט) א בלימעל; א שטויס=ראפיער [א קליינע פערציערטע שווערד מיט א קנאפ ביים ענד, כדי זי זאל ניט שטעכען].

floricul'tural *a.* (פלאו-רי-קאל'-טשור-על) וואס איז שייך צו דער קולטיווירונג פון בלומען אדער צו בלומען=גערטנעריי.

flo'riculture *n.* (פלאו'-רי-קאל-טשור) די קולטיווירונג פון בלומען; בלומען=גערטנעריי.

floricul'turist *n.* (פלאו-רי-קאל'-טשור-איסט) איינער וואס קולטיווירט בלומען; א בלומען=גערטנער.

flor'id *a.* (פלאר'-איד) העל אין קאליר; העל=רויט; פריש=רויט; בליהענד; געפוצט מיט בלומען; דעקארירט; בלומיג, בעפוצט מיט שעהנע מליצות.

florid'ity *n.* (פלא-ריד'-אי-טי) דאס זיין בליהענד, דאס זיין העל=רויט, דאס זיין פריש=רויט; דאס זיין בעפוצט מיט בלומען; דאס זיין דעקארירט; דאס זיין בלומיג אדער שעהן מליצה'דיג.

flor'idly *adv.* (פלאר'-איד-לי) ז. ***florid***

flor'idness *n.* (פלאר'-איד-נעס) ז. ***floridity***

florif'erous *a.* (פלא-ריף'-ע-ראס) וואס גיט ארויס בלומען.

florifica'tion *n.* (פלאו-רי-פי-קיי'-שאן) דאס בליהען, דאס פאנאנדערבליהען אין בלומען.

flo'riform *a.* (פלאו'-רי-פארם) ווי א בלום, וואס האט די פארם פון א בלום.

flor'in *n.* (פלאר'-אין) א פלארין [אן עסטרייכישער גולדען; אן אלטע ענגלישע מטבע].

flor'ist *n.* (פלאר'-איסט) איינער וואס קולטיווירט בלומען; א בלומען=גערטנער; א בלומען=הענדלער; איינער וואס שרייבט אבהאנדלונגען וועגען בלומען אדער פלאנצען.

flos'cular *a.* (פלאס'-קיו-לער) וואס בעשטעהט אדער וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון בלימלעך אדער בליהונג.

flos'cule *n.* (פלאס'-קיול) א בלימעל.

flos'culous *a.* (פלאס'-קיו-לאס) ז. ***floscular***

flosh'-silk *n.* (פלאש'-סילק) ז. ***floss-silk***

floss *n.* (פלאס) א קליין וואסער=טייכעל; דער גלאז=שטאף וואס געפינט זיך אויף אייזען אין דעם טיגעל=אויווען ביים שמעלצען; פלאק=זייד [דער זייד=פערמיגער אדער פוכיגער שטאף אין דער שאלעכץ פון געוויסע פלאנצען].

floss'-silk *n.* (פלאס'-סילק) א פיינער, ווייכער, ניט געדרעהטער זייד וואס ווערט בענוצט צום אויסנעהען.

floss'y *a.* (פלאס'-אי) פוכיג, זייד=ארטיג; ווייך.

flo'tage *n.* (פלאו'-טיידזש) ז. ***floatage***

flo'tant *a.* (פלאו'-טענט) פלאטערענד [וועגען א פאהן].

flota'tion *n.* (פלא-טיי'-שאן) דאס שווימען; די וויסענשאפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט שווימענדע קערפער.

flo'tative *a.* (פלאו'-טיי-טיוו) שווימענד, וואס שווימט.

flotil'la *n.* (פלא-טיל'-א) א פלאטיליע, א קליינע פלאטע; א פלאטע פון קליינע שיפלעך.

flots *n.* (פלאטס) באנד אויסגעלעגט איינס איבער דאס אנדערע אין דער פארם פון פאלדען.

flot'sam *n.* (פלאט'-סעם) די טיילען און די משא פון א צושטערטער שיף, וואס מען געפינט שווימענדיג.

flounce *v. and n.* (פלאונס) ארומשליידערען זיך; ווארפען זיך מיט אלע אברים; ארומנעהען א קלייד מיט פאלדען אדער קרויזלעך; דאס צאפלען זיך; דאס ווארפען זיך אין אלע זייטען; א קרויזעל אדער פאלד, מיט וועלכע מען נעהט ארום א קלייד.

floun'der *v. and n.* (פלאונ'-דער) צאפלען זיך; בעוועגען זיך אונגעשיקט [ווי איינער וואס סטארעט זיך ארויסצוקריכען פון א זומפ]; געהן ניט מיט זיכערע טריט; רעדען אדער טהאן עפעס, ניט ווייסענדיג גענוי די זאך; דאס צאפלען זיך; דאס בעוועגען זיך אונגעשיקט; אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען ציהט אויס די לעדער פון א שוך אויף א קאפול; א פלאנדערקע [אזא פלאטשיגער פיש].

Flounder

flour *n. and v.* (פלאור) מעהל; זעהר א דינע זאלץ וואס ווערט געברויכט אין דער פאבריקאציאן פון שיס=פולווער; צומאהלען אויף מעהל; בעשפרענקלען מיט מעהל.

flour'-box *n.* (פלאור'-באקס) ז. ***dredging-box***

flour'ing-mill *n.* (פלאור'-אינג-מיל) א מיהל.

flour'ish *v. and n.* (פלאר'-איש) בליהען, געדייהען; וואקסען אונטער גינסטיגע אומשטענדען; זיין אין א צושטאנד פון גוטער ענטוויקלונג; האבען ערפאלג; עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט; רעדען מיט מליצות אדער קלינגענדע פראזען; שרייבען מיט א געצוקטען כתב; בעוועגען זיך אין ליניען, וועלכע בילדען אויס אויסגעדרעהטע פאנטאסטישע פיגורען; אין מוזיק — שפיעלען א געדרעהט, געקינצעלט שטיק; פערשעהנערען אדער בעפוצען א זאך; פעכטען אדער פאכען [ווי מיט א שווערד אין האנד]; ארויסטרעטען מיט גדלות; בעריהמען זיך; ציערונג, גלאנץ, בעפוצונג; דאס רעדען מיט מליצות; דאס אויסדרעהען פיגורען מיט דער פען; דאס שרייבען געצוקט; דאס פאכען מיט עפעס אין האנד; א געדרעהט, געקינצעלט מוזיקאליש שטיק; דאס שאלען פון א טרומייט.

flour'ishing *a.* (פלאר'-איש-אינג) בליהענד, וואקסענד, זייענדיג אין צושטאנד פון ענטוויקלונג.

flour'ishingly *adv.* (פלאר'-איש-אינג-לי) אויף א בליהענדען שטייגער.

flour'ishing-thread *n.* (פלאר-איש-אינג-טהרעד) פלאקס=פאדים צום פערצירען לייווענט, נעצען א. ד. ג.

flour'-mill *n.* (פלאור'-מיל) ז. ***flouring-mill***

flour'-mite *n.* (פלאור'-מאיט) א מעהל=באבעלע [אזא באבעלקע אדער אינזעקט וואס מען געפינט אין מעהל].

flour'-pack'er *n.* (פלאור'-פעק'-ער) א מאשין צום פאקען מעהל אין זעק אדער פעסער.

flour'y *a.* (פלאור'-אי) מעהליג; וואס בעשטעהט פון מעהל; בעדעקט מיט מעהל; עהנליך צו מעהל.

flout *v. and n.* (פלאוט) שפאטען, אבלאכען; חוזק מאכען; שפאטעריי.

flou'ter *n.* (פלאו'-טער) א שפאטער, אן אבלאכער; א חוזק=מאכער.

flou'tingly *adv.* (פלאו'-טינג-לי) אויף א בעליידיגענדער ארט.

flow *v. and n.* (פלאו) פליסען, שטרעמען; ארויספליסען, ארויספאלגען; איבערפליסען, זיין איבערפילט; פלאטערען; צופליסען, צוקומען [ווי דער פלוט פון וואסער אין א טייך אדער אין ים]; פערפלייצט ווערען; בעגיסען אדער בעדעקט ווערען מיט א פליסיגקייט; דאס פליסען; דאס וואס פליסט; א שטראם; דער פלוט אדער צופלוס פון וואסער אין א טייך אדער ים; איבערפלוס; א רעזערוואואר, פון וועלכען א פליסיגקייט שטרעמט ארויס.

flow'age *n.* (פלאו'-עדזש) דאס פליסען; דאס זיין פערפלייצט אדער פאנאנדערגעגאסען.

flow'er *n. and v.* (פלאו'-ער) א בלום; א בליטה; דאס בעסטע אדער דאס שעהנסטע פון עפעס; א שעהנע מליצה; א פיינער כעמישער פולווער וואס ווערט געמאכט דורך ברענען; א פערציערונגס=בוכשטאב, אן ארנאמענט; בליהען; ארויסגעבען בלומען; בעדעקען מיט בלומען; שוימען [ווי ביער].

flow'erage *n.* (פלאו'-ער-איידזש) בלומען.

flow'er-bed *n.* (פלאו'-ער-בעד) א בלומען=בייט; א בלומען=פלאץ.

flow'er-de-luce' *n.* (פלאו'-ער-דע-ליוס') די ליליענבלום.

flow'ered *a.* (פלאו'-ערד) מיט בלומען, געבלימט; בעדעקט מיט בלומען.

flow'erer *n.* (פלאו'-ער-ער) א פלאנצע, וועלכע בליהט.

flow'eret *n.* (פלאו'-ער-עט) א קליינע בלום.

flow'erful *a.* (פלאו'-ער-פול) בלומענרייך.

flow'er-gen'tle *n.* (פלאו'-ער-דזשענטל) די סאמעט=בלום.

flow'er-head *n.* (פלאו'-ער-העד) דער בליטהען=קאפ [בליהונגען וואס וואקסען אין בינטלעך].

flow'eriness *n.* (פלאו'-ער-אי-נעס) דאס זיין בלומען=רייך, דאס זיין פול מיט בלומען; דאס זיין געפוצט מיט שעהנע מליצות [וועגען א סטיל אין רעדען אדער אין שרייבען].

flow'ering *n.* (פלאו'-ער-אינג) דאס בליהען.

flow'ering spurge (פלאו'-ער-אינג ספוירדזש) די מילך=פלאנצע אדער וואלפס=

מילך=פלאנצע [א נארד=אמעריקאנישע פלאנצע, וועלכע גיט ארויס א גיפטיגען מילך=עהנליכען זאפט]. ז. ***Euphorbia***

Flowering Spurge

flow'er-leaf *n.* (פלאו'-ער-ליעף) א בלומען=בלעטעל.

flow'erless *a.* (פלאו'-ער-לעס) אהן בלומען; אהן בליהונג.

flow'erlessness *n.* (פלאו'-ער-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין בלומען אדער בליהונג.

flow'er-of-an-hour' *n.* (פלאו'-ער-אוו-ען-אור') אזא בלום וועלכע עפענט זיך נור אויף א קורצער ווײלע אין מיטאג=צייט.

flow'er-piece *n.* (פלאו'-ער-פיעס) א בלומען=בילד.

flow'er-pot *n.* (פלאו'-ער-פאט) א בלומען=טאפ, א וואזאנע.

flow'er-wa'ter *n.* (פלאו'-ער-הוואה'-טער) בלומען=וואסער [דיסטילירט וואסער, וואס ענטהאלט דעם עקסטראקט פון בלומען].

flow'er-work *n.* (פלאו'-ער-הווארק) א קינסטליכע בלומען=פערציערונג.

flow'ery *a.* (פלאו'-ער-אי) רייך אין בלומען; בלומיג, מליצה'דיג.

flow free'ly (פלאו פריע'-לי) לייכט פליסען.

The ink **flows freely** from the fountain pen.

flow'ing *n. and a.* (פלאו'-אינג) דאס פליסען; פליסיג; פליסענד; כסדר פארטזעצענד.

flow'ingly *adv.* (פלאו'-אינג-לי) אויף א פליסענדען אופן; פליסיג.

flow'ingness *n.* (פלאו'-אינג-נעס) דאס זיין פליסיג אדער פליסענד.

flown (פלאון) געפלויגען. ז. ***fly***

flow of spir'its (פלאו אוו ספיר'-איטס) פרעהליכקייט; א פרעהליכע שטימונג.

flow of words (פלאו אוו הווארדז) אן אויסגוס פון ווערטער; א מענה לשון.

The speaker is noted for his **flow of words**.

flow with the tide (פלאו הוויטה טהי טאיד) שווימען מיט דעם שטראם.

flox'-silk *n.* (פלאקס'-סילק) ז. ***floss-silk***

flu'ate *n.* (פלו'-אייט) אין כעמיע—פלוס=זויער=זאלץ.

fluctuabil'ity *n.* (פלאק-טשו-ע-ביל'-אי-טי) דאס בעוועגען זיך הין און צוריק; דאס בעוועגען זיך ווי כוואליעס [וועלען]; דאס שאקלען זיך; דאס שלאגען זיך מיט דער דעה.

fluc'tuable *a.* (פלאק'-טשו-עבל) וואס שאקעלט זיך, וואס בעוועגט זיך הין און הער.

fluc'tuant *a.* (פלאק'-טשו-ענט) שאקלענדיג זיך; בעוועגענדיג זיך הין און הער; שלאגענדיג זיך מיט דער דעה.

fluc'tuate *v.* (פלאק'-טשו-אייט) זיך שאקלען; זיך בעוועגען הין און הער; זיך שלאגען מיט דער דעה; זיך בעוועגען ווי כוואליעס [וועלען].

fluctua'tion *n.* (פלאק-טשו-איי'-שאן) דאס שאקלען זיך, דאס שוואנקען; דאס בעוועגען זיך הין און הער ווי כוואליעס [וועלען]; דאס שלאגען זיך מיט דער דעה.

flue *n.* (פלוה) א קוימען; א קאמין=רעהר; א רעהר דורכצופיהרען היץ; די געדרעהטע אויסהוילונג אין א מויער=קאפ; קליינע בינטלעך אדער קנוילעכלעך פוך, האר, וואל א. ד. ג.

flue'-boi'ler *n.* (פלוה'-באי'-לער) א דאמפף=קעסעל וואס ווערט געהייצט דורך רעהרען אנגעפילט מיט הייסער לופט אדער מיט דאמפף.

flue'-brush *n.* (פלוה'-בראש) א קוימען=בארשט [געמאכט פון שטאהל אדער דראט].

flu'ency *n.* (פלוה'-ען-סי) דאס זיין פליסענד, פליסיגקייט; לייכטקייט, געלויפיגקייט [אין ריידען אדער שרייבען]; פערענדערליכקייט.

flu'ent *a.* (פלוה'-ענט) פליסענד; פערענדערליך; לייכט, געלויפיג [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'ently *adv.* (פלוה'-ענט-לי) אויף א פליסענדען שטייגער; מיט לייכטקייט אדער געלויפיגקייט [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'entness *n.* (פלוה'-ענט-נעס) דאס זיין פליסענד, פליסיג אדער געלויפיג.

flu'ey *a.* (פלוה'-אי) ווי פוך אדער ווי קליינע בינטלעך אדער בעדעקט מיט קליינע בינטלעך האר, פוך, וואל א. ד. ג.

fluff *n. and v.* (פלאף) בינטלעך אדער קנוילעכלעך [פון וואלענע, פוכיגע אדער האריגע שטאפען]; א לייכטע עקספלאזיאן פון פולווער; בעדעקען מיט פוכיגע אדער האריגע טיילען; מאכען א לייכטע עקספלאזיאן פון פולווער.

fluff'iness *n.* (פלאפ'-אי-נעס) דאס זיין פוכיג אדער וואליג, דאס זיין בעדעקט מיט אדער דאס בעשטעהן פון שטיקלעך וואל, פוך, האר א. ד. ג.

fluff'y *a.* (פלאפ'-אי) פוכיג, ווי שטיקלעך אדער קנוילעכלעך פון פוכיגע און וואלענע שטאפען; אויסטיילענדיג פון זיך אזעלכע טיילכעלעך.

flu'gelman *n.* (פלו'גל-מען) ז. ***fugleman***

flu'id *a. and n.* (פלו'-איד) פליסיג; פליסענד; גאז=פערמיג; פערענדערליך; א פליסיגקייט; א גאז.

flu'idal *a.* (פלו'-אי-דעל) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו פליסיגקייטען אדער גאזען.

fluid'ic *a.* (פלו-איד'-איק) ז. ***fluidal***

fluid'ic bod'y (פלו-איד'-איק באד'-אי) אין ספיריטואליזם — א פליסענדער קערפער [לויט דער בעהויפטונג פון די ספיריטואליסטען, האט יעדער מענש אויסער זיין געוועהנליכען קערפער נאך איינעם, וועלכען מען קען ניט זעהן, וועלכער איז ניט בעשרענקט אין פלאץ און דורך וועלכען עס קומען פאר די פערשיעדענע ספיריטואליסטישע וואונדער].

fluidifica'tion *n.* (פלו-איד-אי-פי-קיי'-שאן) פערוואנדלונג אין פליסיגקייט אדער גאז.

fluid'ify *v.* (פלו-איד'-אי-פאי) פערוואנדלען אין א פליסיגקייט אדער גאז

flu'idism *n.* (פלו'-אי-דיזם) דער גלויבען פון די ספיריטואליסטען אין א פליסענדען קערפער ביי מענשען. ז. ***fluidic body***

flu'idist *n.* (פלו'-אי-דיסט) אן אנהענגער פון דעם ספיריטואליסטישען גלויבען אין פליסענדע קערפער ביי מענשען. ז. ***fluidic body***

fluid'ity *n.* (פלו-איד'-אי-טי) דאס זיין פליסענד, פליסיגקייט, גאז=פערמיגקייט; געלויפיגקייט, לייכטקייט [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'idize *v.* (פלו'-איד-איז) פערוואנדלען אין פליסיגקייט אדער גאז.

flu'id mer'cury (פלו'-איד מויר'-קיו-רי) ריינער קוועקזילבער; שטארקע לעבהאפטיגקייט.

flu'idness *n.* (פלו'-איד-נעס) ז. ***fluidity***

fluke *n. and v.* (פלוהק) די לאפע אדער איינער פון די ברייטע שפיצען פון אן אנקער; איינער פון די צייהנער פון א הארפון אדער שטעך=אייזען, מיט וועלכען מען כאפט גרויסע פיש; א העלפט פון עק פון א וואל=פיש; א פלאנדערקע [אזא פלאטשיגער פיש]; א ווארים וואס לעבט אין די קישקעס [בעזאנדערס ביי שעפסען]; אבגענוצטע באוועל; אין בערגארבייט — אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען רייניגט אויס אן אויסגעבויערטען לאך איידער מען פילט איהם אן מיט פולווער צום אויפרייסען; אין ביליארד=שפיעל — אן אונערווארטעטער געלונגענער קלאפ מיט דער קויל; אן אונערווארטעטער ערפאלג; מאכען שוואך און אונטהעטיג דעם עק פון א וואל=פיש; פערבינדען א וואל=פיש מיט א קייט אדער שטריק; ווארפען מיט'ן עק ווי א וואל=פיש; גובר זיין דעם געגנער אדער געווינען דורך אן אונערווארטעטען צופאל.

flume *n. and v.* (פלוהם) א שמאלע אבצאמונג פאר א וואסער=שטראם; אבפיהרען דאס וואסער דורך אזא אבצאמונג.

flu'minous *a.* (פלוה'-מי-נאס) רייך אין טייכען; וואס איז שייך צו טייכען.

flum'mery *n.* (פלאמ'-ער-אי) פלאמערי [א מין זשעלע געמאכט פון מאנע=גרייפלעך אדער מעהל]; א לייכטע קאשע פון מעהל, מילך, ווייסלעך פון אייער און צוקער; פסלת פון קראכמאל; פלאפלעריי, דברים בטלים; א פוסטער קאמפלימענט.

flump *v.* (פלאמפ) א שליידער טהאן; זיך א ווארף טהאן, זיך אנידערווארפען.

flung (פלאנג) געווארפען, געשליידערט. ז. ***fling***

flunk *v. and n.* (פלאנק) דורכפאלען ביי אן עקזאמען; אבטרעטען אדער זיך צוריקציהען פון שרעק; פעראורזאכען, אז איינער זאל דורכפאלען ביים עקזאמען; דער דורכפאל ביים עקזאמען.

flun'key *n.* (פלאנ'-קי) א לאקיי אין א ליווריע; א חונף, אן אונטערלעקער; אין די פעראייניגטע שטאאטען — א מענש וואס איז אונערפאהרען אין באנק=געשעפט און קויפט ווערטה=פאפיערען, פערליערענדיג דערביי זיין געלד.

flu'or *n.* (פלו'-אר) ז. ***fluor-spar***

flu'or al'bus (פלו'-אר על'-באס) דער ווייסער פלוס [א פרויען=קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין א שטארקען ווייסען אויספלוס פון די געשלעכטליכע ארגאנען].

fluores'cence *n.* (פלו-א-רעס'-ענס)

אין פיזיק — די פלוארעסענץ [די אייגענשאפט פון געוויסע דורכזיכטיגע קערפערס, ווען זיי ווערען בעלויכטעט פון א געוויסען שיין, ארויסצולאזען פון זיך אייגענע ליכט=שטראהלען, וועלכע האבען א גאנץ בעזונדערען קאליר].

fluores'cent *a.* (פלו-א-רעס'-ענט) וואס האט די אייגענשאפט פון פלוארעסענץ. ז. *fluorescence*.

fluor'ic ac'id (פלו-אר'-איק עס'-איד) אין כעמיע — פלואר=זויערע [א זויערשטאף וואס בעקומט זיך פון דער אויפלעזונג פון פלואר=מעטאלען דורך שוועבעלזויערע. דיעזער שטאף לאזט פאנאנדער אלע מעטאלען אויסער גאלד, פלאטין און בליי].

flu'orid *n.* (פלו'-א-ריד) ז. *fluoride*.

flu'oride *n.* (פלו'-א-ריד) דאס פלואריד, א כעמישע פערבינדונג פון פלוארין מיט אן אנדער עלעמענט. ז. *fluorine*.

flu'orin *n.* (פלו'-א-רין) ז. *fluorine*.

flu'orine *n.* (פלו'-א-רין) א פלוארין [א כעמישער גרונד=עלעמענט. ער איז א גריןגעלבליכער גאז מיט א שטארקען ריח און געפינט זיך אין כעמישער פערבינדונג כמעט מיט אלע מעטאלען].

flu'orite *n.* (פלו'-א-ראיט) ז. *fluor-spar*.

flu'oroscope *n.* (פלו'-אר-א-סקאופ) אן אינסטרומענט דורך וועלכען מען קען זעהן דעם אבשיין אדער שאטען פון א זאך, וואס געפינט זיך איינגעשלאסען אין אן אונדורכזיכטבארען קערפער [ווי למשל, זעהן די ביינער פון קערפער דורך די רענטגען=שטראהלען].

flu'or-spar *n.* (פלו'-אר-ספאר) דער פלואר=שפאט [א מין מינעראל וואס ווערט געברויכט ביים אויסשמעלצען פערשיעדענע מעטאלען פון ערץ, ווי אויך צו מאכען וואזען, שיסלען און פערשיעדענע ארנאמענטען].

flur'ry *n. and v.* (פלויר'-אי) א טומעל, א געפילדער, אן אויפרעגונג, א ליארם; א פלוצליכע שטורעמדיגע בעוועגונג פון לופט, א שטארקער בלאז פון ווינד; כוואליעס פון שנעע, וועלכע עס טראגט דער ווינד; מאכען א טומעל אדער גערויש; אויפרעגען, צורודערען.

flush *v., n. and a.* (פלאש) זיך פלוצלונג בעדעקען מיט א רויטליכער פארב; רויט ווערען; פערשעהמען זיך; מאכען איינעם ער זאל פלוצלונג רויט ווערען; שווענקען; וואשען אין א שטראם פון וואסער; ווערען פליסיג, פאנאנדערגיסען זיך; אויפרעגען; ווערען אויפגעהיצט; בעגייסטערען; ערמוטיגען; פלוצלונג ארויספליהען; מאכען פלאך אדער גלאט; די רויטקייט פון פנים ווען עס גיט א שפאר אין איהם דאס בלוט; די רויטקייט פון הימעל ביי זון=אויפגאנג; א פלוצליכע אדער שטארקע אויפרעגונג פון א געפיהל; די בליהונג, א פרישע רויטקייט; דאס אבשרעקען א פויגעל, דאס ארויסטרייבען איהם פון נעסט; א פויגעל אדער א מחנה פויגלען וואס פליהען פלוצלונג אוועק; איבערפליסיגקייט, פולקייט, אן איבערמאס; אין קארטען=שפיעל — א האנד, אין וועלכער אלע קארטען זיינען פון איין מאסט: אין פולער בליהונג; בעדעקט מיט א פרישער רויטקייט; פול, מיט א פולער מאס; איבערפילט; גוט בעזארגט מיט עפעס; אין קארטען=שפיעל — וועלכער האט אלע קארטען פון איין מאסט.

flush'-box *n.* (פלאש'-באקס) דאס קעסטעל מיט וואסער, פון וועלכען עס ווערט דורכגעשווינקט א וואטערקלאזעט.


Flush-box

flushed with pride (פלאשט הוויטה פראיד) פול מיט שטאלץ.

flush'ing *n.* (פלאש'-אינג) דאס פלוצליכע רויט ווערען; דאס שווענקען אין א שטראם וואסער; א מין דיק=געוועבטער וואל.

flus'ter *v. and n.* (פלאס'-טער) פערטומלען, אויפרעגען; דערהיצען דורך שכרות; זיין אויף א הולאנקע, ווערען דערהיצט דורך טרינקען; בערוישונג, ערהיצונג דורך טרינקען.

flus'tered *a.* (פלאס'-טערד) פערטרונקען, פערווירט.

flus'trate *v.* (פלאס'-טרייט) אויפרעגען, ערהיצען, מאכען ווילד.

flute *n. and v.* (פלוהט) א פלייט [א מוזיקאלישער אינסטרומענט]; אין ארכיטעקטור — איינער פון די האלב=רונדע ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען אלס א געוויסע פערציערונג פון זיילען; א קנייטש, פערטיעפונג אדער פאלד; א מין פראנצויזישע בולקע; א לאנגער און שמאלער קעלישאק צו טרינקען וויין; א לאנגע פלאטשיגע שיף; שפיעלען אויף א פלייט; ארויסברייננגען אדער ארויסדריקען א דינעם, ווייכען טאן ווי פון א פלייט; מאכען רינעס אדער פערטיעפונגען [ווי אויף א זייל]

Fluted Column

flu'ted *a.* (פלוה'-טעד) מיט ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען אלס א געוויסע פערציערונג פון זיילען; מיט א דינעם איידעלען טאן ווי פון א פלייט.

flu'ted col'umn (פלוה'-טעד קאל'-אם) א זייל מיט ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען.

flu'ting *n.* (פלוה'-טינג) דאס שפיעלען אויף א פלייט; דאס אויסמאכען א פערטיעפונג אדער רינע [ווי אויף א זייל].

flu'ting-i'ron *n.* (פלוה'-טינג-אי'-ערן) אזא פרעס=אייזען צו מאכען קנייטשען אדער פאלדען אויף א קלייד.


Fluting-iron

flu'ting-machine' *n.* (פלוה'-טינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען געקנייטשטע אויסשניצונגען אין האלץ.

flu'ting-scis'sors *n.* (פלוה'-טינג-סיז'-ארז) אן אינסטרומענט אין דער פארם פון א שערעל צו מאכען קנייטשען אדער קרויזלעך.


Fluting-scissors

flu'tist *n.* (פלוה'-טיסט) א פלייטיסט, איינער וואס שפיעלט אויף א פלייט.

flut'ter *v. and n.* (פלאט'-ער) פלאטערען, וועהען, זיך בעוועגען; ציטערען, זיין אונרוהיג; בעאונרוהיגען; דאס פלאטערען, דאס בעוועגען; אונרוה, פערלעגענהייט.

flut'terer *n.* (פלאט'-ער-ער) איינער וועלכער פלאטערט מיט עפעס [ווי מיט א נאז=טיכעל אין האנד]; איינער וועלכער ווירקט אויף עפעס, אז עס זאל ציטערען אדער פלאטערען.

flut'tering *n.* (פלאט'-ער-אינג) דאס פלאטערען, דאס בעוועגען.

flut'teringly *adv.* (פלאט'-ער-אינג-לי) אויף א פלאטערענדען אדער ציטערענדען אופן.

flu'vial *a.* (פלו'-ווי-על) וואס געהערט צו טייכען.

flu'viatile *a.* (פלו'-ווי-ע-טיל) וואס וואקסט נעבען וואסער; וואס איז שייך צו טייכען; וואס איז ענטשטאנען א דאנק דער ווירקונג פון טייכען.

flux *n. and v.* (פלאקס) דאס פליסען; א פערענדערליכער צושטאנד; דאס בעשטענדיגע ענדערען זיך; אין מעדיצין — אן אויספלוס פון בלוט, פלאגמא א. ד. ג.; א צוזאמענפלוס; דאס צופלאסען ווערען, דאס פערוואנדלען זיך אין א פליסיגקייט; שמעלצען, פערוואנדלען אין א פליסיגקייט; אין מעדיצין — אבריייניגען, אבפיהרען.

flux and re'flux (פלאקס ענד רי'-פלאקס) עבע און פלוט [דאס טעגליכע אבפאלען און שטייגען פון וואסער ביי די ברעגעס פון ים].

fluxa'tion *n.* (פלאקס-איי'-שאן) דאס אויספליסען, דאס אויסרינען.

fluxibil'ity *n.* (פלאק-סי-ביל'-אי-טי) שמעלצבארקייט.

flux'ible *a.* (פלאק'-סיבל) שמעלצבאר.

flux'ion *n.* (פלאק'-שאן) דאס פליסען; דאס שמעלצען; דאס בעשטענדיגע ענדערען זיך; אין מעדיצין — אן אויספלוס; פלוס [דער שטאף וואס פליסט]; אין מאטעמאטיק — אן אונענדליך קליינע פערענדערליכע צאהל.

flux'ionary *a.* (פלאק'-שאנ-איי-רי) וואס ענדערט זיך, וואס איז ניט בעשטענדיג; וואס איז שייך צו דיפערענציאל=רעכנונג [דאס רעכענען מיט אונענדליך קליינע פערענדערליכע גרעסען].

flux'ionist *n.* (פלאק'-שאנ-איסט) א קענער אין דיפערענציאל=רעכנונג [דאס רעכענען מיט אונענדליך קליינע פערענדערליכען גרעסען].

flux'ive *a.* (פלאק'-סיוו) וואס פליסט.

flux'ure *n.* (פלאק'-שור) דאס זיין פליסיג; א פליסיגקייט.

fly *v., n. and a.* (פלאי) פליהען; אוועקפליהען; פערשווינדען; פליהען אין דער לופט, עקספלאדירען, אויפרייסען, פלאצען; פלאטערען אין דער לופט; אבנעהן, בלאקירען [וועגען פארבען]; לאזען פליהען,

מאכען פליהען; א פליג; א פליהענדער צושטאנד; די טהיר פון א לייוונט=געצעלט; דאס אבפאל פון באוועל ביים שפינען; עטוואס וואס פליהט; דער שוואונגראד פון א מאשין; דער אומרוה פון א זייגער; א ווינד=צייגער; א פלאג [דאס שטיק צייג]; א זאך, וואס האט קיין ווערטה; ספריטנע, כיטרע, אויסגעריבען.

fly about' (פלאי ע-באוט') ארומפליהען; ענדערען כסדר די ריכטונג [וועגען ווינד].

fly'-agar'ic *n.* (פלאי'-ע-גער'-איק) אזא זארט שוועמלעך, וואס זייער זאפט ווערט בענוצט אלס גיפט פאר פליגען.

fly a kite (פלאי ע קאיט) ארויפלאזען אין דער הויך א פאפיער=שלאנג; קריגען געלד אויף וועקסלען.

fly around' (פלאי ע-ראונד') ארומפליהען פערשמאיעט; זיין שטארק ריהרעוודיג.

fly asun'der (פלאי ע-סאנ'-דער) צופליגען ווערען אויף שטיקלעך.

fly at (פלאי עט) אנפאלען, בעפאלען.

flyaway' *a.* (פלאי-ע-הוויי') אונרוהיג; ארומפליהענד; פלאטערענדיג.

fly'bane *n.* (פלאי'-ביין) ז. *fly-agaric*.

fly'-bit'ten *a.* (פלאי'-ביטן) געביסען פון פליגען.

fly'blow *n. and v.* (פלאי'-בלאו) פליגען=אייעלעך, פליגען=שמוץ; בעשמוצען ווי פון פליגען.

fly'blown *a.* (פלאי'-בלאון) בעשמוצט מיט פליגען=דרעק; שמוציג, אונריין.

fly'boat *n.* (פלאי'-באוט) אזא גרויסע, פלאכע, האלענדישע בארזשע אדער שיף; א קליין, שנעל זעגעל=שיפעל.

fly'-book *n.* (פלאי'-בוק) אזא פארטמאנע אין דער פארם פון א בוך צו האלטען קינסטליכע פליגען צום פאנגען פיש.

fly'-boy *n.* (פלאי'-באי) איינער וואס נעהמט אויף די געדרוקטע בויגענס פון דער דרוק=מאשין און לעגט זיי צונויף.

fly'-brush *n.* (פלאי'-בראש) אזא בארשט אדער פעכער, מייסטענס פון פעדערען, אוועקצוטרייבען פליגען.

fly'-cap *n.* (פלאי'-קעפ) אזא הוט אדער קאפ=בעפוצונג וואס עלטערע פרויען טראגען.

fly'-case *n.* (פלאי'-קיים) די הארטע אויבערשטע פליגלען=דעקלעך ביי געוויסע אינזעקטען.

fly'-cas'ter *n.* (פלאי'-קעס'-טער) איינער וואס פאנגט פיש, ארויפשטעכענדיג אויף דער ווענטקע פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'catcher *n.* (פלאי'-קעטש-ער) א פליגען=כאפער; דער פליגען=פויגעל [א מין פויגעל וואס כאפט פליגען].

fly'-catch'ing *a.* (פלאי'-קעטש'-אינג) וואס כאפט פליגען.

fly'-dress'ing *n.* (פלאי'-דרעס'-אינג) דאס פאבריצירען קינסטליכע פליגען פאר דעם צוועק צו פאנגען פיש.



Fly-drill

fly'-drill *n.* (פלאי'-דריל) א דריל מיט א שוואונג=ראד.

fly'er *n.* (פלאי'-ער) ז. *flier*.

fly'-fin'isher *n.* (פלאי'-פינ'-אי-שער) איינער וואס פאסט ארייין די בעוועגליכע טיילען אין א פיאנא.

fly'-fin'ishing *n.* (פלאי'-פינ'-איש-אינג) דאס ארייינפאסען די בעוועגליכע טיילען פון א פיאנא.

fly'-fish *n.* (פלאי'-פיש) דאס פאנגען פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-fish'er *n.* (פלאי'-פיש'-ער) איינער וואס פאנגט פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-fish'ing *n.* (פלאי'-פיש'-אינג) דאס פאנגען פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-flap *n.* (פלאי'-פלעפ) ז. *fly-brush*.

fly'-flap'per *n.* (פלאי'-פלעפ'-ער) איינער וואס טרייבט אוועק פליגען מיט א פעדערען=פעכער; א פעדערען=פעכער אוועקצוטרייבען פליגען.

fly'-fringe *n.* (פלאי'-פרינדזש) אזא בעפוצונג פון פרויען=קליידער אין דעם ענד פון 18טען יאהרהונדערט.

fly'-hon'eysuckle *n.* (פלאי'-האנ'-אי-סאקל) דאס ביין=האלץ [אזא קליין בוימעל אויף וועלכען עס וואקסט געלבע בליהונג און אזא זארט רויטע יאגדעס].

fly'-hook *n.* (פלאי'-הוק) דער האטשיק פון א ווענטקע אויף וועלכען עס איז ארויפגעשטעקט א קינסטליכע פליג.

fly'ing *n. and a.* (פלאי'-אינג) דאס פליהען; פליהענד; שנעל.

fly'ing ar'my (פלאי'-אינג אר'-מי) א פליהענדע ארמעע [אן ארמעע וואס איז אימער אין בעוועגונג צו לייסטען הילף אדער צו בעאונרוהיגען דעם פיינד].

fly'ing artil'lery (פלאי'-אינג אר-טיל'-ע-רי) פליהענדע ארטילעריע [לייכטע רייטענדע ארטילעריע וואס קען זיך לייכט בעוועגען פון איין ארט צום צווייטען].

fly'ing but'tress (פלאי'-אינג באט'-רעס) א געוועלבטער שטיץ=באלקען.

fly'ing camp (פלאי'-אינג קעמפ) א פליהענדער לאגער [ארמעע=אבטיילונגען וואס זיינען אימער אין בעוועגונג].

fly'ing-cat *n.* (פלאי'-אינג-קעט) דער פליהענדער לעמור [ז. *flying-lemur*]; די פליהענדע וועווערקע [ז. *flying-squirrel*].

fly'ing-drag'on *n.* (פלאי'-אינג-דרעג'-און) דער פליהענדער דראכען [אזא עקדיש=עהנליך חיה'לע וואס האט א פליה=הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס קען זיך האלטען א קורצע צייט אין דער לופט].

Fly'ing Dutch'man (פלאי'-אינג דאטש'-מען) דער פליהענדער האלענדער [א געוויסע האלענדישע לעגענדע וועגען האלענדישען שיפסמאן, וועלכער איז פעראורטיילט געווארען צו וואנדערען איבער די ימים ביז דעם לעצטען יום הדין. אויף דיעזער לעגענדע האט דער בעריהמטער קאמפאזיטאר ריכארד וואגנער פערפאסט אן אפערא מיט דעם נאמען דער "פליהענדער האלענדער"].

fly'ing-fish *n.* (פלאי'-אינג-פיש) דער פליהענדער פיש [אזא פיש מיט גרויסע פלוס=פעדערען, מיט וועלכע ער קען פליהען אין דער לופט].



Flying-fish

fly'ing-fox *n.* (פלאי'-אינג-פאקס) דער פליה=פוקס [אזא פלעדער=מויז וואס איהר קאפ איז ווי פון א פוקס].

fly'ing-frog *n.* (פלאי'-אינג-פראג) דער פליה=פראש [אזא פראש וואס די פינגער=הויט גיט איהם די מעגליכקייט צו מאכען גרויסע פליה=שפרונגען].

Flying-frog

fly'ing-geck'o *n.* (פלאי'-אינג-געק'-או) מין פליהענדער עקדיש מיט א הויט ארום קערפער, וואס גיט איהם די מעגליכקייט צו האלטען זיך אין דער לופט ביים שפרינגען.

fly'ing-gur'nard *n.* (פלאי'-אינג-גויר'-נארד) דער פלאטער=פיש [אזא פליה=פיש].

fly'ing-jib *n.* (פלאי'-אינג-דזשיב) א פלאטערענדער דריי=עקיגער זעגעל הינטער דעם פעסט=אנגעצויגענעם דריי=עקיגען זעגעל.

fly'ing-le'mur *n.* (פלאי'-אינג-לי'-מויר) דער פליהענדער לעמור [אזא חיה'לע, וואס האט א פליה=הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס פליהט פון איין בוים צום אנדערען].

Flying-lemur

fly'ing-liz'ard *n.* (פלאי'-אינג-ליז'-ארד) דער פליהענדער עקדיש [אזא עקדיש=עהנליך חיה'לע, וואס האט א פליה=הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס קען זיך האלטען א קורצע צייט אין דער לופט].

Flying-lizard

fly'ing-machine' *n.* (פלאי'-אינג-מע-שין') א פליה=מאשין.

fly'ing mouse (פלאי'-אינג מאוס) אזא זארט פלעדער=מויז.

fly'ing par'ty (פלאי'-אינג פאר'-טי) א קליינע סאלדאטען=אבטיילונג אין דער צייט פון קריעג, וואס מאכט שנעלע בעוועגונגען צו בעאונרוהיגען דעם פיינד.

fly'ing-phalan'ger *n.* (פלאי'-אינג-פע-לענ'-דזשער) אזא חיה'לע וואס האט הויט-פאלטען פון די זייטען, וועלכע געבען איהם די מעגליכקייט צו פליהען אין דער לופט.

fly'ing ru'mor (פלאי'-אינג רו'-מאר) א קלאנג וואס טראגט זיך ארום אין דער לופט, א פערברייטעטער קלאנג.

fly'ing-shot *n.* (פלאי'-אינג-שאט) א שאס אויף א זיך בעוועגענדער זאך [ווי אויף א פליהענדען פויגעל, א שווימענדער שיף א. ד. ג.]; א שאס וואס טרעפט אין וועמען מען ציעלט זיך ניט.

fly'ing-squir'rel *n.* (פלאי'-אינג-סקהוואר'-על) די פליה-וועווערקע [אזא וועווערקע, וועלכע האט הויט-פאלטען פון די זייטען, צוליעב וועלכע זי קען מאכען לאנגע פליה-שפרונגען אין דער לופט].



Flying-squirrel

fly'ing vis'it (פלאי'-אינג וויז'-איט) א וויזיט אויף איין פוס, א קורצער וויזיט [בעזוך].

He paid a flying visit to the city.

fly in piec'es (פלאי אין פיעס'-עז) צושפרונגען ווערען אויף שטיקער.

fly in the face of (פלאי אין טהי פיים אוו) בעליידיגען; געבען א ווידערשטאנד, שטעלען זיך אנטקעגען.

fly in'to a pas'sion (פלאי אינ'-טו ע פעש'-אן) ווערען אין כעס.

fly'-leaf *n.* (פלאי'-ליעף) דאס ליידיגע פאדער-בלאט אין אנהויב אדער ענדע פון א בוך.

fly light (פלאי לאיט) אבזעגלען מיט ווייניג משא [וועגען א שיף].

fly'-line *n.* (פלאי'-לאין) די פליה-ליניע [די לופט-ליניע לויט וועלכער א וואנדער-פויגעל פליהט]; דער פאדים פון א ווענטקע מיט וועלכער מען פאנגט פיש מיט דער הילף פון פליגען.

fly'-ma'ker *n.* (פלאי'-מיי'-קער) א פליעגען-מאכער [איינער וואס מאכט קינסטליכע פליעגען וועלכע ווערען געברויכט צום פאנגען פיש].

fly'man *n.* (פלאי'-מען) א קוטשער פון א לייכטער דראזשקע.

fly'-net *n.* (פלאי'-נעט) אזא דינע נעץ צו בעשיצען פון פליגען.

fly of a flag (פלאי אוו ע פלעג) די לענג [פון שטאף] פון א פלאג.

fly off (פלאי אף) אוועקלויפען, פערשווינדען; פערדאמפפען.

fly off the han'dle (פלאי אף טהי הענדל) ארויסגעהן פון די כלים, ארויסשפרינגען פון די האלאבלעס.

fly on (פלאי אן) די שנעל אוועקרוקען די זייטען-דעקאראציאן אין טעאטער, ווען די דעקאראציאן אין אן אקט דארף געענדערט ווערען פאר די אויגען פון פובליקום, ניט ארבלאזענדיג דעם פארהאנג.

fly o'pen (פלאי או'פן) פלוצים ברייט עפענען.

fly'-or'chis *n.* (פלאי'-אר'-קים) דאס פליגענקרויט [אזא פלאנצע וואס איהרע בלומען זיינען עהנליך צו פליגען].

fly out (פלאי אוט) אויסברעכען אין צארן, ארויסשפרינגען פון די האלאבלעס, ארויס פון די כלים.

fly'-pa'per *n.* (פלאי'-פיי'-פער) פליגען-פאפיער [א גיפטיג אדער קלעפיג פאפיער צו פערניכטען פליגען].

fly'-poi'son *n.* (פלאי'-פאי'זן) פליגען-גיפט.

fly'-pow'der *n.* (פלאי'-פאו'-דער) א פולווער וואס ווערט בענוצט אלס פליגען-גיפט.

fly'-press *n.* (פלאי'-פרעס) א פרעס וואס ווערט צוגעשרויפט מיט דער הילף פון א שוואונג-ראד.

fly'-rail *n.* (פלאי'-רייל) א בעוועגליכע לייסט וואס האלט אונטער די פליגעל פון אן אויסציה-טיש.

fly round (פלאי ראונד) ז. *fly around*.

flys *n.* (פלאיז) א לייכטע שנעלע דראזשקע.

fly'-sheet *n.* (פלאי'-שיעט) א פלוג-בלאט [א געדרוקט בלעטעל צום פערשפרייטען].

fly'-shut'tle *n.* (פלאי'-שאטל) א וועבער-שיפעלע.

fly'snapper *n.* (פלאי'-סנעפ-ער) דער פליגען-כאפער [אזא פויגעל].

fly'-speck *n.* (פלאי'-ספעק) פליגען-דרעק.

fly'-specked *a.* (פלאי'-ספעקט) בעשמוצט מיט פליגען-דרעק.

fly the pit (פלאי טהי פיט) אנטלויפען פון פעלד [אויפגעבען דעם קאמפף].

fly the red flag (פלאי טהי רעד פלעג) שפריצען בלוט.

fly to arms (פלאי טו ארמז) זיך כאפען צום געוועהר.

fly'-trap *n.* (פלאי'-טרעפ) א פליגען-נעץ; א פלאנצע וואס כאפט פליגען.

fly upon' (פלאי א-פאן') אנפאלען, בעפאלען; בעליידיגען.

fly'-wa'ter *n.* (פלאי'-הוואה'-טער) א לעזונג פון ארסעניק און וואסער אלס פליגען-גיפט.

fly'-wheel *n.* (פלאי'-הוויעל) א שוואונג-ראד פון א מאשין.

fly'wort *n.* (פלאי'-הוואירט) ז. *fly-agaric*.

foal *n. and v.* (פאול) א לאשעק, א זשערעבטשיק [א יונג פערדעל]; א יונג אייזעלע; געבעהרען א זשערעבטשיק אדער אן אייזעלע.

foal'foot *n.* (פאול'-פוט) אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער האבען די פארם פון א יונגען פערד'ס אדער אייזעל'ס קאפיטע.

foal'-teeth *n.* (פאול'-טיעטה) די מילך-צייהנער [ערשטע צייהנער] ביי א פערד.

foam *n. and v.* (פאום) שוים, צארן; שוימען; זיין אין צארן.

foa'my *a.* (פאו'-מי) שוימיג; בעדעקט מיט שוים; אויפברויזענד [פון צארן].

F. O. B. די ראשי תבות פון די ווערטער *free on board* אן אויסדרוק געברויכט אין א פערקויפס-קאנטראקט צו בעצייכענען, אז די סחורה דארף צוגעשטעלט ווערען צו דער שיף אדער באהן פריי, אויף דעם חשבון פון פערקויפער.

fob *n. and v.* (פאב) א קליינע, פאדערשטע הויזען-קעשענע פאר א זייגער; א זייגער-קייטעל מיט א ברעלאק; אריינלעגען אין קעשענע; צונעהמען פאר זיך; אבנארען.

fob'-chain *n.* (פאב'-טשיין) א קייטעל פון א זייגער מיט א ברעלאק.

fo'cal *a.* (פאו'-קעל) וואס געהערט צום ברען-פונקט. ז. *focus*.

fo'cal dis'tance (פאו'-קעל דיס'-טענס) אין פיזיק—דער מרחק פון דעם אפטישען צענטער [ברען-פונקט] פון א שפיגעל אדער ברען-גלאז ביז דעם פונקט, וואו די ליכט-שטראהלען לויפען זיך צוזאמען.

focaliza'tion *n.* (פאו-קעל-אי-זיי'-שאן) דאס ברייגנען די ליכט-שטראהלען אין ברען-פונקט פון א ברען-גלאז אדער שפיגעל.

fo'calize *v.* (פאו'-קעל-איז) קאנצענטרירען אין ברען-פונקט.

fo'cal length (פאו'-קעל לענגטה) ז. *focal distance*.

fo'ci *n.* (פאו'-סאי) פאקוסען, ברען-פונקטען. ז. *focus*.

focim'eter *n.* (פא-סימ'-ע-טער) אן אפטישער אינסטרומענט צום אויסגעפינען דעם ברען-פונקט פון א ברען-גלאז.

fo'cus *n. and v.* (פאו'-קאס) דער פאקום, דער ברען-פונקט; אין פיזיק — דער פונקט אין וועלכען עס טרעפען זיך צונויף די ליכט-שטראהלען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען א ברען-גלאז אדער זיינען צוריקגעווארפען געווארען פון א שפיגעל; אין געאמעטריע — א פונקט אין דעם שטח פון אן עליפסע, היפערבעל אדער פון אן אנדער קרומער ליניע, פון וועלכער די דיסטאנצען [שטרעקען] צו יעדען אנדערען פונקט פון דער ליניע שטעהען אלע מאל אין איין און דערזעלבער בעציהונג; א צענטראלער פונקט; א זאמלונגס-פונקט; אנשטעלען ריכטיג אין ברען-פונקט; פערזאמלען אדער קאנצענטרירען אין איין פונקט.

fod'der *n. and v.* (פאד'-ער) קארמע, פוטער [שפייז פאר פיה]; קארמענען אדער פיטערען מיט היי, שטרוי א. ד. ג.

foe *n.* (פאו) א שונא, א פיינד; א געגנער.

foe'man *n.* (פאו'-מען) א פיינד, א שונא.

fœ'tal *a.* (פיע'-טעל) ז. *fetal*.

fœ'tus *n.* (פיע'-טאס) ז. *fetus*.

fog *n. and v.* (פאג) א נעבעל, א טומאן; אונקלארהייט, מטושטש'קייט; דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי-שניט; זיך בעדעקען מיט א טומאן, איינגעהילט ווערען אין א נעבעל; אבפיטערען, אבעסען דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי-שניט.

fog'-bank *n.* (פאג'-בענק) א געדיכטער טומאן וואס מען זעהט פון ווייטען; א געדיכטער טומאן [נעבעל] אויף'ן ים וואס זעהט אוים פון ווייטען ווי לאנד.

fog'-bell *n.* (פאג'-בעל) א גלאק בעפעסטיגט צו א פעראנקערטער שיף, צו א פעלז א. ד. ג. וואס ווערט בעוועגט פון די כוואליעס אדער פון ווינד און דיענט אלס א ווארנונג פאר שיפסלייט אין א טומאן [נעבעל].

fog'-bound *a.* (פאג'-באונד) פערהאלטען פון א טומאן [נעבעל].

The steamer was delayed two days. It was fog-bound.

fo'gey *n.* (פאו'-גי) ז. *fogy*.

fog'gage *n.* (פאג'-איידזש) דאס פערטריקענטע אדער פערפוילטע גראז אויף א לאנקע אין ווינטער-צייט; דאס גראז וואס וואקסט אב נאך'ן ערשטען היי-שניט.

fog'ged *a.* (פאגד) בעדעקט מיט א נעבעל; פערדונקעלט.

fog'ger *n.* (פאג'-ער) א לאנד-ארבייטער, וועלכער גיט קארמע [פוטער] די בהמות.

fog'gily *adv.* (פאג'-אי-לי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר; דונקעל.

fog'giness *n.* (פאג'-אי-נעס) דאס זיין

טומאנע, דאס זיין נעבעלדיג; אונקלארהייט, דונקעלהייט.

fog'gy *a.* (פאג'-אי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר, דונקעל; מטושטש; דום, נאריש.

fog'-horn *n.* (פאג'-הארן) א סיגנאל=הארן אויף א שיף צו געבען סיגנאלען צו אנדערע שיפען אין א נעבעלדיגען וועטער.

fo'gie *a.* (פאו'-גיע) ז. *fogy*

fo'gle *n.* (פאוגל) א טאשען=טוך [אויף גנבים לשון].

fog'less *a.* (פאג'-לעס) אהן א טומאן, ניט נעבעלדיג; ריין, קלאר.

fog'-sig'nal *n.* (פאג'-סיג'-נעל) א סיגנאל וואס ווערט געגעבען פון א שיף אלס ווארנונג פאר אנדערע שיפען אין א טומאן [נעבעל].

fog'-smoke *n.* (פאג'-סמאוק) א טומאן, א נעבעל.

fo'gy *n.* (פאו'-גי) אן אלט=מאדישער אדער שטארק קאנזערוואטיווער מענש; אן אויסגעדיענטער סאלדאט.

fo'gydom *n.* (פאו'-גי-דאם) אלט=מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

fo'gyish *a.* (פאו'-גי-איש) אלט=מאדיש; וואס האט אלט=מאדישע אדער קאנזערוואטיווע אידעען.

fo'gyism *n.* (פאו'-גי-איזם) אלט=מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

foh *int.* (פא) פו. פוי!

foi'ble *n.* (פאיבל) א שוואכער פונקט, א שוואכע זייט; א כאראקטער=שוואכקייט; א ניט שטארק ערנסטער פעהלער.

foil *v. and n.* (פאיל) איבערוועלטיגען, גובר זיין; פערניכטען, צו גארנישט מאכען; אראבפיהרען פון דער ריכטיגער שפור; צומישען, צוטומלען; גאנץ דינע בלעטער פון מעטאל, ווי גאלד=בלאט, צין=פאליע א. ד. ג.; פליטער=גאלד; א געמיש פון צין און קוועקזילבער מיט וואס מען בעדעקט א שפיגעל=גלאז; א ראפיר [א קליינע פעכט=שווערד]; א מעטאל=בלעטעל וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער אן עדעלשטיין צו פערגרעסערען זיין גלאנץ; א בלעטער=עהנליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foi'lable *a.* (פאי'-לעבל) וואס קען איבערוועלטיגט ווערען; וואס קען געמאכט ווערען צו גארנישט.

foiled *a.* (פאילד) וואס האט א בלעטערענהליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foiled arch (פאילד ארטש) א געוועלב אדער בויגען מיט בלעטער=עהנליכע פערציערונגען.

foi'ler *n.* (פאי'-לער) איינער וואס צומישט אדער צוטומעלט; איינער וואס צושטערט אדער מאכט צו גארנישט.

foi'ling *n.* (פאי'-לינג) א לייכטע שפור פון א הירש וואס איז געגאנגען אויף א פלאץ בעוואקסען מיט גראז; א פערציערונגס=בלאט [אין ארכיטעקטור].

foil one's plans (פאיל הוואנז פלענז) צושטערען אימעצענס פלענער.
I will foil his plans.

foil'-stone *n.* (פאיל'-סטאון) א פאלשער, נאכגעמאכטער עדעלשטיין.

foin *v.* (פאין) דורכשטעכען מיט א שווערד, מעסער אדער שפיעז.

foist *v.* (פאיסט) עטוואס ארײנשטעלען אדער ארײנשרייבען דורך א פאלשקייט אדער שווינדעל; שטינקען, האבען א שלעכטען ריח.

fois'ter *n.* (פאיס'-טער) איינער וואס שטעלט אריין אדער שרייבט אריין עטוואס דורך א שווינדעל אדער פאלשקייט; א פעלשער.

fold *v. and n.* (פאולד) צוזאמענלעגען; צונויפקנייטשען; ארומנעהמען; זיך צונויפקנייטשען; איינהילען, איינוויקלען; צונויפפרעסען, צונויפשפארען [ווי שעפסען אין א סטאדע]; א פאלב; אן אבצאמונג פאר שעפסען; א שאף=הערדע, א סטאדע.

fol'dage *n.* (פאול'-דיידזש) ז. *faldage*

fold arms (פאולד ארמז) צונויפלעגען די הענד.

fold down (פאולד דאון) פערבויגען, פערקנייטשען [א בלאט].

fol'der *n.* (פאול'-דער) א קנייטשער, א פאלצער, א צוזאמענלעגער; אזא פלאך ביינדעל עהנליך צו א מעסער וואס ווערט בענוצט צום קנייטשען פאפיער; עטוואס געדרוקטעס אין אייז בויגען פאפיער וואס לעגט זיך צונויף [ווי א געאגראפישע מאפע, א פלוג=בלאט א. ד. ג.].

fold in (פאולד אין) איינשליסען.

fol'ding *n.* (פאול'-דינג) דאס מאכען פאלטען; דאס קנייטשען; א פאלט; א קנייטש.

fol'ding bed (פאול'-דינג בעד) א בעט וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding chair (פאול'-דינג טשעהר) א שטוהל וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding door (פאול'-דינג דאור) א פליגעל=טהיר.

fol'ding-machine' *n.* (פאול'-דינג-מע-שין') א פאלץ=מאשין [א מאשין אין א דרוקעריי אדער בוכבינדעריי וואס קנייטשט די געדרוקטע בויגענס; א מאשין וואס מאכט כלים פון בלעך].

fold'less *a.* (פאולד'-לעס) אהן פאלטען.

fold'-net *n.* (פאולד'-נעט) אזא נעץ פאר קליינע פויגעלעך.

fold'-yard *n.* (פאולד'-יארד) אן אבגעצאמטער פיה=הויף.

fo'lia *n.* (פאו'-לי-א) בלעטער; שיכטען. ז. *folium*

folia'ceous *a.* (פאו-לי-איי'-שיאס) בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; וואס האט די פארם פון א בלאט.

fo'liage *n.* (פאו'-לי-איידזש) בעבלעטערונג; די בלעטער פון א בוים צוזאמען ווי זיי וואקסען; א בינטעל בלעטער; אין ארכיטעקטור — א בעציערונג וואס שטעלט פאר בלעטער, בלומען אדער צווייגען.

Foliage

fo'liaged *a.* (פאו'-לי-איידזשד) בעוואקסען מיט בלעטער; בעציערט מיט בלעטער. ז. *foliage*

fo'liage-plant *n.* (פאו'-לי-איידזש-פלענט) א פלאנצע וואס צייכענט זיך בעזאנדערס אויס מיט איהרע שעהנע בלעטער.

fo'liage-tree *n.* (פאו'-לי-איידזש-טריע) א בלעטערדיגער בוים [צום אונטערשיעד פון די נאדעל=בוימער].

fo'liar *a.* (פאו'-לי-אר) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א בלאט.

fo'liate *v. and a.* (פאו'-לי-אייט) אויסקלאפען אין א דינעם בלאט, אויסהאמערען; בעלעגען מיט שפיגעל=זילבער אדער מיט צין=פאליע; אויסגעהאמערט אין דער פארם פון א דינעם בלאט אדער פלאטע; בלעטערענדיג; וואס האט בלעטער.

fo'liated *a.* (פאו'-לי-איי-טעד) אויסגעהאמערט אדער אויסגעצויגען אין דער פארם פון א בלאט; בעדעקט מיט א דינער מעטאל=פלאטע אדער מיט פאליע; בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; פערציערט מיט בלעטער; אין מוזיק — וואס האט צוגעלעגטע נאטען [וועגען א מעלאדיע פון א ליעד].

folia'tion *n.* (פאו-לי-איי'-שאן) די בעבלעטערונג פון פלאנצען; דאס אויסהאמערען אדער אויסציהען מעטאל אין דינע בלעטער; דאס בעלעגען מיט שפיגעל=זילבער אדער צין=פאליע [ביים פאבריצירען שפיגלען]; דאס זיין בלעטערדיג; אין געאלאגיע — דאס זיין צונויפגעשטעלט פון דינע שיכטען; אין ארכיטעקטור — א בלעטער=פערציערונג; די נומערירונג פון א בוך לויט די בלעטער און ניט לויט די זייטען.

fo'liature *n.* (פאו'-לי-איי-טשור) ז. *foliation*

fo'lier *n.* (פאו'-לי-ער) א בלאט [פון א בוים, פון פאפיער א. ד. ג.].

foliic'olous *a.* (פאו-לי-איק'-א-לאס) וואס וואקסט אדער געפינט זיך אויף בלעטער [וועגען פאראזיטען=פלאנצען און פאראזיטען=בעשעפענישען].

foliif'erous *a.* (פאו-לי-איפ'-ע-ראס) וואס האט בלעטער, וואס האט בלעטער=עהנליכע טיילען.

fo'liiform *a.* (פאו'-לי-אי-פארם) בלעטער=פערמיג.

fo'lio *n., a. and v.* (פאו'-ליאו) פאליא, א בויגען פאפיער צונויפגעלעגט אין צווייען; א פאליאנט, א בוך מיט האלב=בויגענדיגע בלעטער; די גרויס פון אזא בוך; א פאפיער=מאס; א בלאט אדער א זייט פון א בוך; אן איינוויקלונג אדער ראהם פאר פאפירען, מוזיק=נאטען, צייכנונגען א. ז. וו.; א געוויסע צאהל ווערטער וואס ווערט אנגענומען אלס איינהייט ביים בערעכענען די לענג פון אן אפיציעלען דאקומענט; וואס איז שייך צו אדער וואס איז עהנליך צו א פאליא; בעצייכענען א בלאט מיט א צאהל; בעצייכענען די צאהל ווערטער וואס ווערען אנגענומען אלס פאליא=איינהייט אין אפיציעלע דאקומענטען.

fo'liole *n.* (פאו'-לי-אול) א קליין בלעטעל; א טייל פון א צוטיילטען בלאט.

fo'liomort *a.* (פאו'-לי-א-מאהרט) פון דעם קאליר פון הערבסט=בלעטער; העל=ברוין. ז. *feuillemorte*

fo'liose *a.* (פאו'-לי-אוס) וואס האט קליינע בלעטלעך אדער טיילען וואס זיינען עהנליך צו אזעלכע בלעטלעך.

folios'ity *n.* (פאו-לי-אס'-אי-טי) דאס האבען אדער בעשטעהן פון בלעטלעך אדער בלעטלעך=עהנליכע טיילען; דאס האבען דעם כאראקטער, פון א גרויסען בוך, פון א פאליאנט; מאסיוויטעט, דאס בעשטעהן פון פיעל ביכער=בענדער; אויסברייטונג [אין שרייבען].

fo'lious *a.* (פאו'-לי-אס) בלעטערדיג; דין; וואס האט קליינע בלעטלעך אדער בלעטלעך=עהנליכע טיילען.

fo'lium *n.* (פאו'-לי-אם) א בלאט; א שיכט.

folk *n.* (פאוק) פאלק, מענשען, לייט, דער עולם, דער פשוט'ער עולם.

Fol'kething *n.* (פאול'-קע-טינג) דאס אונטער=הויז פון דעם דענישען פארלאמענט [ריגסדאג].

folk'-free *a.* (פאוק'-פריע) פריי, ניט פערקנעכטעט.

folk'land *n.* (פאוק'-לענד) אין דער אל-

טער ענגלישער געזעצגעבונג — דאס לאנד וואס איז ניט געווען דאס אייגענטום פון איינצעלנע מענשען אדער קהלות, נאר האט בעלאנגט צום גאנצען פאלק.

folk'-lore *n.* (פאוק'-לאור) פאלקלאר, די לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים, גלויי=בענס א. ז. וו. פון דעם פאלק; דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דיעזע לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים און גלויבענס.

folk'loric *a.* (פאוק'-לאור-איק) וואס איז שייך צו פאלקלאר. ז. *folk-lore*

folk'lorist *n.* (פאוק'-לאור-איסט) איי=נער וואס שטודירט פאלקלאר. ז. *folk-lore*

folk'moot *n.* (פאוק'-מוטה) אין אמאלי=גען ענגלאנד — א פאלקס=פערזאמלונג; א לאקאל געריכט.

folk'-right *n.* (פאוק'-ראיט) דאס פאלקס=רעכט; די געזעצע וועגען די רעכטען פון'ם פשוט'ען פאלק [אין געגענזאץ צו די פריי=ווילעגירטע קלאסען].

folk'-song *n.* (פאוק'-סאנג) א פאלקס=ליעד.

folk'-speech *n.* (פאוק'-ספיעטש) פאלקס=שפראך [אין געגענזאץ צו דער שפראך פון די געבילדעטע קלאסען אדער צו דער ליטעראַרישער שפראך].

folk'-sto'ry *n.* (פאוק'-סטאו'-רי) א פאלקס=לעגענדע.

fol'licle *n.* (פאל'-איקל) א זוימען=זעקעל, א שויט, א סטרוטשקע [ביי פלאנצען]; א קליינע עפענונג, א דין רעהרעל, א קליי=נע פערטיעפונג, א דריזע [ביי חיות]; ביי אינזעקטען—דער קאקאן [די איינהי=לונג, אין וועלכער עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט פון דער לארווא].

follic'ular *a.* (פא-ליק'-יו-לאר) וואס בעשטעהט פון אדער וואס פערמאגט זוי=מען=זעקעלעך [ביי פלאנצען] אדער קליי=נע עפענונגען אדער רעהרעלעך [ביי חיות]; וואס געפינט זיך אין אזעלכע זע=קעלעך, עפענונגען אדער רעהרעלעך. ז. *follicle*

follic'ulate *a.* (פא-ליק'-יו-לייט) ז. *follicular*

follic'ulated *a.* (פא-ליק'-יו-ליי-טעד) ז. *follicular*

fol'low *v.* (פאל'-או) פאלגען, נאכפאלגען; פערפאלגען; נאכטהאן; נאכגעהן, בעגליי=טען; שטרעבען; נאכקומען; ארויסקומען [אלס פאלגע פון אורזאכע]; אנגעהן, אנ=האלטען, ערפילען די אויפגאבען, זיין בע=שעפטיגט [ביי א געשעפט, מלאכה, פראַ=פעסיאן].

fol'low direc'tions (פאל'-או די-רעק'-שאנז) זיך האלטען אן די פארשריפטען; פאלגען די בעפעהלע.

fol'lower *n.* (פאל'-א-ער) אן אנהענגער; א נאכפאלגער; א בעגלייטער; א געליעב=טער; יעדער טייל פון א מאשין, וועלכער בעוועגט זיך, נאכפאלגענדיג די בעוועגונ=גען פון אן אנדער טייל; אין א דאמפף=מאשין — דאס דעקעל פון דער קאלבע אדער פארשען.

fol'lowers *n.* (פאל'-א-ערז) 1. א סווי=טע, א בעגלייטונג; 2. אנהענגער.
2. His followers are loyal to him.

fol'lowing *a.* and *n.* (פאל'-א-אינג) פאלגענד, נעכסט, וואס דארף אנקומען; א סוויטע; א קאמפאניע פון נאכפאלגער.

fol'low my lea'der (פאל'-או מאי ליע'-דער) א קינדערשע שפיעל וואו איי=נער נאך'ן אנדערען ווערט א פיהרער, וועמען אלע מוזען פאלגען און נאכטהאן.

fol'low one's nose (פאל'-או הוואנז נאוז) געהן נאך דער נאז נאך [געהן גראד, פארווערטס].

fol'low one's steps (פאל'-או הוואנז סטעפס) געהן אין יענעמס וועגען, נאכ=טהאן אימעצען.

fol'low out (פאל'-או אוט) עפעס דורכפיהרען, אויספיהרען.

fol'low prec'edents (פאל'-או פרעס'-אי-דענטס) טהאן אדער פסק'ענען ווי אמאל איז אן עהנליכען פאל.

fol'low suit (פאל'-או סיוט) שפיעלען מיט א קארט וואס איז פון איין פארב אדער מאסט מיט דער, וואס איז פריהער געשפיעלט געווארען; פאלגען א ביישפיעל.

fol'low up (פאל'-או אפ) עפעס פער=פאלגען, ווייטער אנגעהן מיט עפעס.

fol'ly *n.* (פאל'-אי) נארישקייט; שטות; א נארישע אויפפיהרונג; אן אונטערנעה=מונג, וועלכע מען האט פריהער שלעכט אויסגערעכענט און וועלכע מען פערלאזט אונפערענדיגט.

foment' *v.* (פא-מענט') ערווארעמען; ערוועקען, ערמוטיגען, צוגעבען קוראזש.

fomenta'tion *n.* (פאו-מען-טיי'-שאן) ערווארמונג; ערוועקונג; ערהיצונג; ער=מונטערונג.

fomen'ter *n.* (פא-מענ'-טער) אן ערווע=קער, אן אויפרייצער [צו זינד]; א זאך אדער א מיטעל וואס דערווארעמט דעם קערפער.

fond *a.* (פאנד) נאריש, דום; אהן א זינען; פערריקט, משוגע; וואהנזיניג פער=ליעבט; ליעבליך, צערטליך; פראסט, אונ=ווירדיג, טריוויאל; איבערגעשעצט.

fon'dle *v.* (פאנדל) לאשטשען, צערט=לען; ארויסצייגען צערטליכקייט.

fond'ler *n.* (פאנד'-לער) א פערצערט=לער; דער וואס צערטעלט אדער לאש=טשעט.

fond'ling *n.* (פאנד'-לינג) א ליעבלינג, א שוים=קינד.

fond'ly *adv.* (פאנד'-לי) אויף א ליע=בענדער, צערטליכער ארט; משוגע'נער=ווייז.

fond'ness *n.* (פאנד'-נעס) צערטליכ=קייט; ליידענשאפט, אנהענגליכקייט; משוגעת; שוואכקייט.

fond of a drop (פאנד אוו ע דראפ) ליעב האבען דעם ביטערען טראפען.

font *n.* (פאנט) [א דער טויף=בעקען מין רעזערוואר, אין וועלכען מען האלט דאס טויף=וואסער אין א קירך]; די גיי=סונג אדער שמעלצונג פון מעטאלען; א פאלשטענדיגע זארטירונג פון דרוק=שריפט.

fon'tal *a.* (פאנ'-טעל) וואס געהערט צו א קוואל אדער פאנטאן.

fon'tinel *n.* (פאנ'-טי-נעל) א קליינער קוואל אדער פאנטאן.

food *n.* (פוהד) שפייז, נאהרונג, עסענ=ווארג.

food'-fish *n.* (פוהד'-פיש) פיש, וועלכע מען קען עסען.

food for the mind (פוהד פאר טהי מאינד) גייסטיגע שפייז.

food'ful *a.* (פוהד'-פול) נעהרענד; פרוכטבאר.

food'less *a.* (פוהד'-לעס) וואס האט ניט קיין נאהרונג; אונפרוכטבאר.

food'-plant *n.* (פוהד'-פלענט) א שפייז=פלאנצע [א פלאנצע וואס ווערט געברויכט צום עסען].

food'-stuff *n.* (פוהד'-סטאף) נאהרונגס=שטאף.

fool *n.* and *v.* (פוהל) א נאר, אן אידיאט; איינער וואס מאכט א נארישען אנשטעל אדער נארישע העויות; א בדחן, א מארשאליק, א חכמות=זאגער; דאס, מיט וואס מען שפיעלט זיך; מאכען נא=רישע אנשטעלען; שפאסען; טרייבען קא=טאוועס; שפיעלען זיך מיט עפעס; מא=כען איינעם צום נארען; אבנארען, בע=טריגען; א געריכט פון געקאכטע פרוכט מיט שמאנט און צוקער.

fool away' (פוהל ע-הוויי') פטר'ען אומזיסט; אויסברייגנען אדער פערשווענ=דען עפעס אהן שום נוצען.

fool'-born *a.* (פוהל'-באהרן) נאריש פון געבורט אן.

foo'lery *n.* (פוה'-לער-אי) דומהייט, נארישקייט; א שפאס; א נארישער אנ=שטעל, א פארס.

fool'hardily *adv.* (פוהל'-האר-די-לי) נאריש העזה'דיג; מיט א היציגער, אונ=בערעכענטער דרייסטקייט.

fool'hardiness *n.* (פוהל'-האר-די-נעס) היציגע, אונבערעכענטע דרייסטקייט.

fool'hardy *a.* (פוהל'-האר-די) דרייסט אהן א וועלכער ניט איז אויסגערעכענט=קייט.

foo'ling *n.* (פוה'-לינג) נארישקייטען, שטות'עריי, שפאס; נארישע אויפפיהרונג; שטיפעריי.

foo'lish *a.* (פוה'-ליש) נאריש, ווי א נאר; דום; לעכערליך, שפאסהאפט, שטי=פעריש.

foo'lish bod'y (פוה'-ליש באד'-אי) א נארישער קאפ; א נאר.

foo'lishly *adv.* (פוה'-ליש-לי) מעשה נאר.

foo'lishness *n.* (פוה'-ליש-נעס) נא=רישקייט, דומהייט; שטיפעריי.

fools'cap *n.* (פוהלז'-קעפ) דאס נארען=היטעל, א שפיציג היטעל מיט גלעקלעך, וואס די הויף=נארען פון די אמאליגע פריצים פלעגען טראגען; א זארט גרויסע בויגענס שרייב=פאפיער [נאך דעם ציי=כען וואס אויף זיי איז געווען געדרוקט אין דער פארם פון א נארען=היטעל]; א מין מאלוסקעל.

fool's cor'ner (פוהלז קאר'-נער) די קונע, דער ווינקעל, אין וועלכען מען שטעלט אריין קינדער פון א שוהלע צו בעשטראפען זיי.
The pupil was put in the fool's corner.

fool's er'rand (פוהלז ער'-ענד) א משוגענע אונטערנעהמונג, דאס יאגען זיך נאך עפעס וואס קען ניט דערגרייכט ווע=רען.

fool's par'adise (פוהלז פער'-ע-דאיס) דער גן=עדן פון א נאר, גליק און צופרי=דענהייט וואס בויט זיך אויף פאלשע האפ=נונגען; אוטאפיען.

fool's pars'ley (פוהלז פארס'-לי) די הונד=פעטרושקע [אזא שטינקענדיג, גיפ=טיג גראז].

fool'-trap *n.* (פוהל'-טרעפ) א נעץ אדער פאסטקע צו פערכאפען נארען; א גראבער איינפאל.

fool with (פוהל הוויטה) שטיפען מיט עפעס; אריינמישען זיך מיט נארעריי אדער משוגעת'ען.

foot *n.* and *v.* (פוט) א פוס; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פוס אין אויס=זעהן אדער אין די פונקציאנען; דער אונטערשטער טייל פון עפעס; דער אונ=טערשטער טייל פון א בארג; פוס=סאלדא=טען, אינפאנטעריע, א שטאנד, א לאגע; א פערז=פוס אין פאעזיע [משקל

החרוזים]; אַן איינהייט פון אַ לענגעמאָס [אין פערשיעדיינע לענדער איז די מאָס פון אַ פוס פערשיעדען. אין אמעריקאָ און ענגלאַנד איז אַ פוס 12 צאָל אָדער אינטשעס]; געהן, טרעטען; געהן צופוס; שטעלען פעסט אויף די פיס; טרעטען מיט'ן פוס; בריקען; אונטערשטריקען אַ זאַק; לעגען פאַדעשוועס אויף שיך; צונויפרעכענען אַ חבור און אונטערשטעלען דעם סך=הכל; בעצאַהלען, קוויטירען; צונויפרעכענען.

foot a bill (פוט ע ביל) בעצאַהלען אַ חוב.

foot'-artil'lery *n.* (פוט'-אַר-טיל'-ע-רי) פוס=אַרטילעריע.

foot asleep' (פוט ע-סליעפּ') אַבגעזעסען אַ פוס.

foot'back *adv.* (פוט'-בעק) פאַהרענדיג מיט די אייגענע פערד, ד. ה. געהענדיג צופוס.

foot'-ball *n.* (פוט'-באַהל) אַ פוס=באַל [אַזאַ גרויסע לעדערנע פילקע וואָס ווערט געשטויסען מיט'ן פוס]; פוס=באַל=שפּיעל.

foot'-band *n.* (פוט'-בענד) אַ ראָטע פוס=סאָלדאַטען [אינפאַנטעריע].

foot'-bath *n.* (פוט'-בעטה) אַ פוס=וואַנע; דאָס באָדען די פיס אין אַ פוס=וואַנע.

foot'-board *n.* (פוט'-באורד) אַ פוס=ברעט [אַ ברעט אין אַ וואָגען, אַ שיפעל א. ד. ג. אַלס אַ שטיצע פאַר די פיס]; אַ פּלאַטפאָרם אויף אַ לאָקאָמאָטיוו וואו דער הייצער און דער מאַשיניסט שטעהען.

foot'boy *n.* (פוט'-באַי) אַ לויף=אינגעל, אַ אינגעל אויף שליחות.

foot'-breadth *n.* (פוט'-ברעדטה) די ברייט פון אַ פוס [אַלס מאָס].

foot'-bridge *n.* (פוט'-ברידזש) אַ שטעג, אַ בריק פאַר פוס=געהער, אַ קלאַדקע.

foot'-cloth *n.* (פוט'-קלאָטה) אַ פוס=דעקע; אַ פערד=דעקע; אַ פוס=טעפּיך.

foot'ed *a.* (פוט'-עד) פיסיג; מיט פיס.

foot'er *n.* (פוט'-ער) אַ פוס=געהער.

foot'fall *n.* (פוט'-פאַהל) אַ שריט, אַ טריט.

foot'-fight *n.* (פוט'-פאַיט) אַן אינפאַנטעריע=קריעג [אַ מלחמה צווישען פוס=סאָלדאַטען].

foot'-folk *n.* (פוט'-פאָוק) אינפאַנטעריע, פוס=סאָלדאַטען.

foot'-gear *n.* (פוט'-גיער) פוס=בעקליידונג [ווי זאָקען, שטיוועל, שיך].

foot'-grease *n.* (פוט'-גריעס) דער אַבפאַל פון באַוועל=זאַמען [נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעקוועטשט דעם אויל].

foot'-guard *n.* (פוט'-גאַרד) אַ פוס=שוץ פאַר פערד [אַזאַ מין שיך פאַר פערד].

foot'-guards *n.* (פוט'-גאַרדז) פוס=גוואַרדיע.

foot'-halt *n.* (פוט'-האַהלט) אַזאַ שאָף=קראַנקהייט [די קראַנקהייט פאַנגט זיך אַן, ווי עס ווערט אַנגענומען, פון די פיס].

foot'-haw'ker *n.* (פוט'-האָה'-קער) אַ קאָראָבעלניק [פעדלער], וואָס געהט אַרום צופוס פערקויפען זיין סחורה.

foot'-hill *n.* (פוט'-היל) אַ נידריג בערגעל ביי דעם פוס פון אַ באַרג.

foot'hold *n.* (פוט'-האָולד) אַ פוס=שטיצע, אַן אָרט וואו די פיס אָוועקצושטעלען.

foot'ing *n.* (פוט'-אינג) דער גאַנג, דער טריט; דער פוס=שטאַנד; דער פוס=באָדען; אַ שפּור פון פוס; אַ טאַנץ; אַן איינגעפונדעוועטער פּלאַץ; אַ פונדאַמענט; אַ באַזיס; אַ גרונדלאַגע; אַ שטאַנד, אַ לאַגע; אַ געגענזייטיגע בעציהונג; דאָס צושטעלען אַ פוס; דאָס צונויפרעכענען אַ רייה ציפער ווי אין אַ חבור; אַ שטויסקאַנט [פון אַ פרויען=קלייד]; אַ קערמישעל [הוליאַנקע] וואָס ווערט געמאַכט ווען איינער טרעט אַריין אין אַן אמט, אין אַ שוהל א. ד. ג.

foot'ing-beam *n.* (פוט'-אינג-ביעם) אַ בינד=באַלקען פון אַ דאַך.

foot'-joint *n.* (פוט'-דזשאַינט) אַ געלענק פון דעם פוס פון אַן אינזעקט.

foot'-key *n.* (פוט'-קיע) דער פעדאַל פון אַן אָרגעל אָדער פּיאַנאָ.

foot'less *a.* (פוט'-לעס) אָהן פיס; אָהן אַ באָדען, אָהן אַ באַזיס.

foot'-lick'er *n.* (פוט'-ליק'-ער) אַ געמיינער אונטערלעקער.

foot'lights *n.* (פוט'-לאַיטס) פוס=ליכט [די לעמפּלעך אויף דעם ראַנד פון דער ביהנע אין טעאַטער].

foot'-line *n.* (פוט'-לאַין) די לעצטע שורה פון זאַץ אויף אַ בלאַט, וואו עס ווערט מייסטענס געשטעלט נור דער נומער פון בויגען אָדער דער נומער פון זייט.

foot'ling *n.* (פוט'-לינג) אַ פיסעל.

foot'-loose *a.* (פוט'-לוהס) פראַנק און פריי.

foot'man *n.* (פוט'-מען) אַ דיענער; אַ לאַקיי; אַ פוס=סאָלדאַט.

foot'manship *n.* (פוט'-מען-שיפּ) די בעשעפטיגונג פון אַ לאַקיי; דאָס זיין אַ פוס=סאָלדאַט.

foot'mark *n.* (פוט'-מאַרק) אַ שפּור פון אַ פוס.

foot match (פוט מעטש) אַ לויף=וועט.

foot'-muff *n.* (פוט'-מאַף) אַ פוס=זאַק [אַזאַ זאַק פון פעל צו האַלטען אין איהם די פיס ווינטער=צייט, ווען מען פאָהרט].

foot'-note *n.* (פוט'-נאָוט) אַ פוס=נאָטע, אַ בעמערקונג אין אַ בוך, וואָס ווערט געשטעלט אונטען צום ענד פון בלאַט.

foot'pace *n.* (פוט'-פּיים) אַ לאַנגזאַמער טריט; אַ פּלאַץ זיך אַבצורוהען אויף אַ טרעפּ.

foot'pad *n.* (פוט'-פּעד) אַ גאַסען=רויבער.

foot'-pad *n.* (פוט'-פּעד) אַזאַ שוץ=שטיוועל פאַר די פיס פון פערד.

foot'-pas'senger *n.* (פוט'-פּעס'-ענ-דזשער) אַ פוס=רייזענדער.

foot'-path *n.* (פוט'-פּעטה) אַ פוס=וועג, אַ פוס=שטעג [אַ שמאָלער וועג וואָס איז נאָר פאַר פוס=געהער].

foot'-post *n.* (פוט'-פּאָוסט) פּאָסט וואָס ווערט געפיהרט צופוס; אַ שליח וואָס געהט צופוס.

foot'-pound *n.* (פוט'-פּאַונד) פוס=פונט, אַן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אָדער אַרבייט [די ענערגיע, וועלכע פאָדערט זיך אויפצוהויבען אַ פונט משא אַ פוס אין דער הויך].

foot'print *n.* (פוט'-פּרינט) דער אַבדרוק פון אַ פוס; די שפּור פון אַ פוס.

foot'-race *n.* (פוט'-רייס) אַ וועט אין לויפען.

foot'-rest *n.* (פוט'-רעסט) אַ פוס=בייגקעלע.

foot'-rope *n.* (פוט'-ראָופּ) אַ שטריק אונטער די זעגעל=שטאַנגען, אויף וועלכען מאַטראָזען שטעהען, ווען זיי מאַכען דעם זעגעל פעסט אָדער לויז.

foot'-rot *n.* (פוט'-ראָט) דאָס פוס=פוילען [אַזאַ פוס=קראַנקהייט ביי בהמות].

foot'-rule *n.* (פוט'-רוהל) אַ מאָסשטאָב פון אַ פוס [12 צאָל] די לענג.

foots *n.* (פוטס) דאָס אַבגעשטאַנענע אָדער אַבגעזעצטע אויף'ן דעק.

foot'-sol'dier *n.* (פוט'-סאָול'-דזשער) אַן אינפאַנטעריע=סאָלדאַט, אַ פוס=סאָלדאַט.

foot'-sore *a.* (פוט'-סאָור) וואָס האָט פוס=שמערצען [פון פיעל געהן].

foot'stalk *n.* (פוט'-סטאָהק) דאָס שטענגעל פון אַ בלום.

foot'stall *n.* (פוט'-סטאָהל) דער פוס=רינג פון אַ פרויען=זאָטעל [דער רינג אין וועלכען מען שטעקט אַריין דעם פוס ביים אַרויפשטייגען אויף'ן פערד].

foot'step *n.* (פוט'-סטעפּ) אַ פוס=טריט; אַ שפּור פון אַ פוס.

foot'stool *n.* (פוט'-סטוהל) אַ פוס=בייגקעלע; אַ נכנע, אַן אונטערטהעניגער; די ערד [אַלס גאָט'ס פוס=בייגקעלע].

foot'-stove *n.* (פוט'-סטאָוו) אַ פוס=אויוועלע, אַ פוס=וואַרימער.

foot'-ton *n.* (פוט'-טאָן) אַן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אָדער אַרבייט [די ענערגיע וועלכע איז נויטיג צו הויבען אַ משא פון 2,240 פונט אַ פוס הויך].

foot up (פוט אַפּ) צוזאַמענצעהלען, צוזאַמענרעכענען.

foot'-valve *n.* (פוט'-וועלוו) דער גרונד=ווענטיל [אַן עפענונגס=דעקעל ביי דאַמפּף=מאַשינען מיט קאָנדענזאַטאָרען וואָס געפינט זיך צווישען דער לופט=פּומפּע און קאָנדענזאַטאָר].

foot'walk *n.* (פוט'-וואָהק) אַ טראָטואַר.

foot'-war'mer *n.* (פוט'-וואָהר'-מער) אַ פיס=וואַרמער; אַ פוס=אויוועלע [צום וואַרימען די פיס].

foot'way *n.* (פוט'-וויי) ז. *foot-path*.

foot'-worn *a.* (פוט'-וואָורן) וואָס איז מיעד געהענדיג; וואָס האָט פוס=שמערצען פון פיעל געהן.

foot'y *a.* (פוט'-אי) וואָס איז אַבגעשטאַנען אָדער אַבגעזעצט אויף'ן דעק; אָרעם; געמיין; ווערטהלאָז.

foo'zle *n.* (פוהזל) אַ נודנע פערזאָן, אַן אַלטער נודניק.

fop *v. and n.* (פאָפּ) אַבשפּאַסען, אַבנאַרען; אַ נאַר; אַ פראַנט.

fop'doodle *n.* (פאָפּ'-דוהדל) אַ ניכטסווירדיגער אָדער געמיינער קערל.

fop'ling *n.* (פאָפּ'-לינג) אַ פראַנטעל.

fop'pery *n.* (פאָפּ'-ער-אי) נאַרישקייט; פראַנטעריי; פוצעריי; בעפּוצונג.

fop'pish *a.* (פאָפּ'-איש) פראַנטיש, אויסגעפּוצט.

fop'pishly *adv.* (פאָפּ'-איש-לי) אויף אַ פראַנטישען שטייגער.

fop'pishness *n.* (פאָפּ'-איש-נעס) פראַנטעריי, אייטעלקייט.

for *prep. and c.* (פאָר) פאַר; פיר; וועגען; אום; אויף; צו; צוליעב; אַדאַנק; פון וועגען; אין משך; אין פערלויף; ניט קוקענדיג אויף; כאָטש; ביי אַלעם דעם; ווייל; דען.

for'age *n. and v.* (פאָר'-עדזש) פוראַזש, עסענוואַרג, שפּייז; פּאַרראַט; פּריפּאַסען; צוגרייטען פוראַזש אָדער עסענוואַרג פאַר מענשען און בעזאַנדערס פאַר בהמות; פּליַנדערען, רויבען.

for'age-cap *n.* (פאָר'-עדזש-קעפּ) אַ פוראַזשקע, אַ קליין היטעלע, וואָס סאָל=

דאטען טראגען בעת זיי זיינען אנגעטהאן ניט אין פולער פארם.

for'ager *n.* (פאר'-ע-דזשער) איינער וואס גרייט אן פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging *n.* (פאר'-ע-דזשינג) דאס אנגרייטען פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging-cap *n.* (פאר'-ע-דזשינג-קעפ) ז. *forage-cap*.

for'aging-par'ty *n.* (פאר'-ע-דזשינג-פאר'-טי) א קאמאנדע סאלדאטען וואס זאמעלט צונויף שפייז און פוטער פאר דער ארמעע אין די ארומיגע געגענדען.

for a joke (פאר ע דזשאוק) אויף שפאס, אויף קאטאוועס.

for all (פאר אהל) ניט קוקענדיג אויף; כאטש.

for all I care (פאר אהל אי קעהר) פון מיינעטוועגען.

for all I know (פאר אהל אי נאו) ווי מיר איז בעוואוסט.
For all I know, he is a good man.

for all that (פאר אהל טהעט) דאך.
For all that, I don't agree with you.

for all the world (פאר אהל טהי הוואירלד) פון יעדען שטאנדפונקט; פינקטליך; פאלקאם, ריכטיג.

fora'men *n.* (פא-ריי'-מען) אין אנאטאמיע און זאאלאגיע — אן עפענונג, א לאך, א דורכגאנג.

for an age (פאר ען איידזש) פאר א לאנגע צייט, פון א שאק מיט יאהרען.
I have not seen you **for an age.**

for appear'ances sake (פאר ע-פיער'-ענ-סעז סייק) לפנים, צום שיין.

for a sea'son (פאר ע סיע'זן) אויף א געוויסער צייט.
The house was rented **for a season.**

for as much (פאר עז מאטש) נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז; ווייל.

for a song (פאר ע סאנג) פאר א שיבעש, פאר א קליינינקייט, זעהר ביליג.
The house was sold **for a song.**

for a spell (פאר ע ספעל) פאר א לאנגע צייט.

for a while (פאר ע הוואיל) אויף א ווייליע.

for ay (פאר איי) אויף אייביג, לעולם ועד.

for'ay *v. and n.* (פאר'-איי) ראבעווען, פלינדערען; דאס ראבירען, דאס פלינדערען.

for'ayer *n.* (פאר'-איי-ער) איינער וואס ראבירט אדער פלינדערט.

forbear' *v.* (פאר-בעהר') זיך איינהאלטען; איבערטראגען; אויסהאלטען; זיך אבהאלטען פון עפעס.

forbear'ance *n.* (פאר-בעהר'-ענס) דאס איינהאלטען זיך; דאס אויסהאלטען מיט געדולד; דאס אבהאלטען זיך פון צו פאדערען א געוויסען רעכט אויף עפעס.

forbear'ance is no acquit'tance (פאר-בעהר'-ענס איז נאו ע-קהוויט'-ענס) אבגעלעגט איז ניט אבגענייגט [אבהאלטען זיך מיינט ניט אבזאגען זיך].

forbear'er *n.* (פאר-בעהר'-ער) איינער וואס האלט זיך איין.

forbear'ing *a.* (פאר-בעהר'-אינג) גענייגט צו איבערטראגען.

forbear' obser'ving (פאר-בעהר' אב-זויר'-ווינג) זיך איינהאלטען פון א בעמערקונג.

forbid' *v.* (פאר-ביד') פערביעטען; פערהינדערען, פערהיטען.

forbid'den (פאר-ביד'ן) פערבאטען, פערהינדערט, פערהיט. ז. *forbid*.

forbid'denly *adv.* (פאר-ביד'נ-לי) אויף א פערבאטענעם, ניט ערלויבטען שטייגער.

forbid'der *n.* (פאר-ביד'-ער) א פערבאטער; דער אדער דאס וואס ערלויבט ניט.

forbid'ding *a.* (פאר-ביד'-אינג) אונצופריעדען, אונאנגענעהם, בעליידיגענד; צוריקשטויסענד, צוריקווייזענד.

forbid'dingly *adv.* (פאר-ביד'-אינג-לי) אויף א צוריקשטויסענדען, אונאנגענעהמען אדער אונצופריעדענעם שטייגער.

forbid' the banns (פאר-ביד' טהי בענז) ארויסטרעטען אפיציעל מיט אן אויסזעצונג אדער מיט טענות געגען איינעמעצענם הייראט וואס דארף פארקומען. ז. *banns*.

forbore' (פאר-באור') ערטראגען, געדולדעט; איינגעהאלטען. ז. *forbear*.

for cause (פאר קאהז) דורך אן אורזאכע וואס איז בעשטימט דורך'ן געזעץ.
Some public officials are removable only **for cause.**

force *n. and v.* (פאורס) קראפט, שטארקייט, מאכט; געוואלט; ווערטה, בעדייטונג, וויכטיגקייט; אן ארגאניזאציאן, א קערפערשאפט, א קאמפאניע [הויפטזעכליך מיליטערישע]; מיליטערישע קראפט; ים-מאכט; ווירקונג; צווינגען, נויטען, איבערוועלטיגען; מיט געוואלט עפעס דורכפיהרען אדער אויפטהאן; ארויפדרינגען; ארויפצווינגען; אויסווירקען עפעס דורך בעזונדערע מיטלען [ווי למשל, דאס וואקסען פון פלאנצען דורך קינסטליכער ווארעמקייט]; זיין פון וויכטיגקייט; זיך קימערען; זיין אונענטשלאסען, ניט וואגען; אנשטאפען [שפייזען]; ארומשערען, ארומהאקען [די האר אדער וואל]; אין קארטען-שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי, אז מען זאל מעהר אדער ווייניגער האבען א בעגריף וועגען זיינע קארטען.

for'ceable *a.* (פאור'-סעבל) וואס מען קען צווינגען, וואס מען קען ארויסרופען מיט געוואלט אדער מיט קינסטליכע מיטלען.

force along' (פאורס ע-לאנג') טרייבען פארווערטס, פארטרייסען, מיטרייסען.

force a trade (פאורס ע טרייד) שטרעבען צו פערשאפען זיך א גרויסע קונדשאפט.

force away' (פאורס ע'הוויי') אוועקטרייבען, אבשטויסען.

force a way through (פאורס ע הוויי טהרוה) דורכברעכען, זיך דורכברעכען א וועג.

forced *a.* (פאורסט) געצוואונגען; ארויסגערופען דורך אנשטרענגונג; אונאטירליך, קינסטליך.

forced abor'tion (פאורסט ע-באר'-שאן) א געצוואונגענע פריה-געבורט [דאס מפיל זיין דורך קינסטליכע מיטלען].

forced march (פאורסט מארטש) א שנעלער מארש.

for'cedness *n.* (פאור'-סעד-נעס) געצוואונגענהייט, געקינסטעלטקייט, אוננאטירליכקייט.

force down (פאורס דאון) ארונטערשטויסען, ארונטערטרייבען.

forced put (פאורסט פוט) א נויטפאל.

forced sale (פאורסט סייל) א געצוואונגענער אויספערקויף פון די סחורות [ווען למשל, די בעלי-חובות צווינגען דערצו].

force for'ward (פאורס פאר'-הווארד) שטויסען פארווערטס, טרייבען פארווערטס.

force from (פאורס פראם) ארויסטרייבען; ארויסרייסען.

force'ful *a.* (פאורס'-פול) שטארק, קרעפטיג, געוואלטיג; וואס ווערט געטריבען מיט קראפט אדער געוואלט.

force'fully *adv.* (פאורס'-פול-אי) מיט קראפט; אויף א קרעפטיגען אדער געוואלטיגען אופן.

force'fulness *n.* (פאורס'-פול-נעס) קרעפטיגקייט, געוואלטזאמקייט.

force in'to (פאורס אינ'-טו) אריינטרייבען, ארייניאגען, אריינשלאגען.

force'less *a.* (פאורס'-לעס) קראפטלאז, מאכטלאז.

force'meat *n.* (פאורס'-מיעט) געהאקט פלייש; געהאקט פלייש אלס פילעכץ; געפילט פלייש.

force of arms (פאורס אוו ארמז) וואפען-געוואלט.

force on (פאורס אן) טרייבען ווייטער; ארויפצווינגען, ארויפדרינגען.

force one's hand (פאורס הוואנז הענד) אין קארטען-שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי אז מען זאל האבען מעהר אדער ווייניגער א בעגריף וועגען זיינע קארטען; צווינגען איינעם ער זאל אויפדעקען זיין כונה אדער זיינע פלענער.

force o'pen (פאורס או'פן) אויפברעכען.
The house was **forced open** by burglars.

for'ceps *n.* (פאר'-סעפס) א צוואנג; קערפער-טיילען [ביי מענשען און אינזעקטען] וואס זיינען עהנליך צו אדער ווירקען ווי צוואנגען.

force'-pump *n.* (פאורס'-פאמפ) א דרוק-פומפ [א פומפ וואו דאס וואסער ווערט ארויפגעבראכט דורך דרוק].

for'cer *n.* (פאור'-סער) איינער אדער עטוואס וואס צווינגט צו עפעס מיט געוואלט, וואס טרייבט אדער האלט צוריק; דער קאלבען פון א דרוק-פומפ.

for cer'tain (פאר סויר'-טען) אויף געוויס, אויף בעשטימט.

forc'es *n.* (פאורס'-עז) מיליטערישע מאכט; חיל.

force upon' (פאורס א-פאן') ארויפדרינגען, ארויפצווינגען.
The action I took was **forced upon** me by the circumstances.

force wine (פאורס הוואין) דורך קינסטליכע מיטלען מאכען וויין אויסקוקען אלט.

for'cible *a.* (פאור'-סיבל) שטארק, קרעפטיג, ענערגיש, ווירקענד, געוואלטיג, געצוואונגען.

for'cible-fee'ble *a. and n.* (פאור'-סיבל-פיע'בל) וואס שטרעבט אויסצוזעהן כלומר'שט שטארק; איינער וואס שטרעבט אויסצוזעהן שטארק, אבוואהל ער איז שוואך.

for'cibleness *n.* (פאור'-סיבל-נעס) געוואלטזאמקייט, קרעפטיגקייט; ווירקזאמקייט, געצוואונגענהייט.

for'cibly *adv.* (פאור'-סי-בלי) מיט קראפט, מיט ענערגיע, מיט געוואלט; אויף א געצוואונגענעם אופן.

for'cing *a. and n.* (פאור'-סינג) צווינגענד, ווירקענד מיט קראפט אדער געוואלט; דאס ארויסבריינגען פלאנצען דורך קינסטליכער ווארעמקייט.

for'cing-house *n.* (פאור'-סינג-האוס) א טרייב-הויז [א פלאץ, וואו מען האלט

קינסטליך אויף א געוויסע טעמפעראטור, כדי פלאנצען זאלען וואקסען שנעלער און בעסער].

for'cing-pump *n.* (פאור'-סינג-פאמפ) ז. *force-pump*.

for'cipate *a.* (פאר'-סי-פייט) צוואנגען=עהנליך.

for'cipated *a.* (פאר'-סי-פיי-טעד) ז. *forcipate*.

forcipa'tion *n.* (פאר-סי-פיי'-שאן) דאס מאטערען, דאס רייסען דאס פלייש מיט צוואנגען; דאס זיין צוואנגען=עהנליך [וועגען געוויסע קערפער=טיילען ביי חיות און אינזעקטען].

ford *n. and v.* (פאורד) א פלאכער פלאץ אין א וואסער=שטראם, וואו מען קען איבערגעהן צופוס; א וואסער=שטראם, וועלכען מען דארף איבערגעהן; דורכגעהן צופוס א וואסער=שטראם, דורכבראדיען.

for'dable *a.* (פאור'-דעבל) פלאך, ניט טיעף, וואס מען קען אריבערגעהן צופוס [וועגען א וואסער].

The stream is fordable at all seasons of the year.

for'dableness *n.* (פאור'-דעבל-נעס) דאס זיין פלאך, ניט טיעף [וועגען וואסער] אזוי, אז מען קען עס איבערגעהן צופוס.

for days (פאר דייז) פאר פיעלע טעג.

for days togeth'er (פאר דייז טו-געטה'-ער) ז. *for days*.

fordo' *v.* (פאר-דו') פערניכטען, צושטערען, רואינירען; אויסמאטערען, איבערוועלטיגען [ווי דורך מיעדקייט].

fore *prep., adv., a. and n.* (פאור) פון פארענט; אין דער אנוועזענהייט, פאר'ן אנגעזיכט; וואס געהט פארויס, וואס געפינט זיך פון פארענט, וואס קומט פריהער [אין צייט אדער אין פלאץ]; דער פראנט, דער פאדערשטער טייל; די פאדערשטע מאסט [ביי א שיף].

fore'-and-aft' *a. and n.* (פאור'-ענד-עפט') ביי שיפען — וואס געהט פון פארענט נאך הינטען, וואס געהט דורך דער גאנצער לענג פון שיף; וואס שטעהט אין מיטען שיף מיט די ברעגעס צו דער מאסט [וועגען זעגלען]; א שיפעל מיט אזעלכע זעגלען; א היטעל, א קאפ מיט צוויי דאשקעס [פון פארענט און פון הינטען].

fore'arm *n.* (פאור'-ארם) דער פאדערארם [דער טייל פון דער האנד צווישען עלענבויגען און געלענק].

forearm' *v.* (פאור-ארם') זיך פארויס בעוואפענען אדער צוגרייטען צום קאמפף.

forebear' *n.* (פאור-ביער') איינער פון די עלטערען; א זיידע, אן אור=פאטער.

fore'belief *n.* (פאור'-בי-ליעף) דער פריהערדיגער גלויבען.

forebode' *v.* (פאור-באוד') פארויסזאגען [שלעכטס, אונגליק]; פראפעצייהען, נביאות זאגען [בעזאנדערס וועגען אונגליק]; האבען א פארגעפיהל.

forebode'ment *n.* (פאור-באוד'-מענט) פארויסזאגונג, פראפעצייהונג [בעזאנדערס וועגען שלעכטס].

forebo'der *n.* (פאור-באו'-דער) א פארויסזאגער, א נביאות=זאגער [בעזאנדערס וועגען שלעכטס].

forebo'ding *n.* (פאור-באו'-דינג) א פארויסזאגונג, א פראפעצייהונג [בעזאנדערס וועגען א קומענדען אונגליק].

forebo'dingly *adv.* (פאור-באו'-דינג-לי) אויף א פראפעצייהענדען אדער ווארנענדען אופן.

fore'body *n.* (פאור'-באד-אי) דער פאדערשטער קערפער=טייל פון א שיף.

forecast' *v.* (פאור-קעסט') פארויס אורטיילען; פארהער איבערלעגען, פארהער בעדענקען; פארויסזעהן.

Politicians often forecast the result of an election.

fore'cast *n.* (פאור'-קעסט) א פארויס=אורטיילונג; א פארויסזעהונג; פארבעדענקונג, פאראיבערלעגונג.

forecas'ter *n.* (פאור-קעס'-טער) איינער וואס איבערלעגט זיך פריהער; א פארזיכטיגער; איינער וואס מאכט פלענער אין פארויס; איינער וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'ting *n. and a.* (פאור-קעס'-טינג) פאראיבערלעגונג, פארבעדענקונג, פארויסאורטיילונג; וואס איבערלעגט זיך פריהער; וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'tingly *adv.* (פאור-קעס'-טינג-לי) מיט פאראיבערלעגונג, מיט פארבעדענקונג; מיט פארויסאורטיילונג.

fore'castle *n.* (פאור'-קעסל) דער פאדערשטער טייל פון א שיף; דער טייל פון א שיף וואו די שיפס=מאנשאפט וואהנט.

fore'castleman *n.* (פאור'-קעסל-מען) איינער פון די מאטראזען וואס ווערען געשטעלט אין דעם פאדערשטען טייל פון שיף.

foreclose' *v.* (פאור-קלאוז') אויסשליסען; אויסשליסען פון דעם רעכט צוריק אויסצוקויפען פער'משכונ'טע גיטער.

foreclo'sure *n.* (פאור-קלאו'-זשור) אויסשליסונג; דאס אויסשליסען פון דעם רעכט אויסצוקויפען צוריק פער'משכונ'טע גיטער.

fore'court *n.* (פאור'-קאורט) דער פאדער=הויף פון א הויז.

foredate' *v.* (פאור-דייט') שטעלען א פריהערדיגען דאטום.

fore'-deck *n.* (פאור'-דעק) דער פאדער=דעק פון א שיף.

foredesign' *v.* (פאור-די-זאין') פארהער בעדענקען; מאכען א פלאן אין פארויס.

foredo' *v.* (פאור-דו') צוברייטען פון פריהער; פריהער טהאן.

foredoom' *v.* (פאור-דוהם') פארהער בעשטימען; אין פארויס פעראורטיילען.

fore'-door *n.* (פאור'-דאור) א פאדער=טהיר.

fore'-end *n.* (פאור'-ענד) א פאדער=טייל.

fore'father *n.* (פאור'-פא-טהער) אן אור=פאטער.

fore'fathers' day (פאור'-פא-טהערז דיי) דער 21טער דעצעמבער, וואס ווערט געפייערט אין די ניי=ענגלאנד שטאאטען פון אמעריקא אלס אנדענקונגס=טאג, ווען די ערשטע אימיגראנטען האבען זיך אין יאהר 1620 בעזעצט אין פלימוטה, מאססאטשוזעטס.

forefeel' *v.* (פאור-פיעל') פיהלען אין פארויס, האבען א פארגעפיהל.

fore'feeling *n.* (פאור'-פיעל-אינג) א פארגעפיהל.

forefend' *v.* (פאור-פענד') פערביעטען; פערהיטען.

fore'finger *n.* (פאור'-פינ-גער) דער צייג=פינגער [דער צווייטער פינגער].

foreflow' *v.* (פאור-פלאו') פארויס פליסען.

fore'foot *n.* (פאור'-פוט) א פאדער=פוס [פון א חיה].

fore'front *n.* (פאור'-פראנט) די פאדער=רייהע; די פאדער=זייט.

foregath'er *v.* (פאור-געטה'-ער) ווערען גוט בעפריינדעט; זיך פערזאמלען, זיך טרעפען.

fore'-gift *n.* (פאור'-גיפט) א צאהלונג אין פארויס.

forego' *v.* (פאור-גאו') געהן אין פארויס; אויפגעבען, פערלאזען.

forego'er *n.* (פאור-גאו'-ער) איינער וואס געהט פארויס; א פארגענגער; איינער פון וואס עפעס שטאמט אב; עלטערען.

forego'ing *n. and a.* (פאור-גאו'-אינג) דאס געהן פארויס; פארהערגעהענד.

foregone' *a.* (פאור-גאן') וואס איז פאריבער; פארויס בעשטימט.

fore'ground *n.* (פאור'-גראונד) א פאדער=גרונד [דער טייל פון א לאנדשאפט אדער סצענע אויף א בילד, וואס ערשיינט נעהנטער צום אויג].

fore'hammer *n.* (פאור'-העמ-ער) דער גרויסער האמער פון א שמיעד וואס האמערט צוערשט און נאכדעם קומט דער קליינער האמער.

fore'hand *n. and a.* (פאור'-הענד) דער פאדערשטער טייל פון פערד וואס איז אין פראנט פון דעם רייטער; זייענדיג אין פארויס, האבענדיג די פארהאנד.

fore'handed *a.* (פאור'-הענ-דעד) פריה=צייטיג; וואס איז אין פאדער=טייל; וואס איז אין גוטע אומשטענדען.

fore'head *n.* (פאר'-עד) דער שטערען; דרייסטקייט; זיכערהייט, איינגעגלויבטקייט.

fore'hold *n.* (פאור'-האולד) דער פאדער=רוים פון א שיף.

for'eign *a.* (פאר'-איין) פרעמד, אויסלענדיש; פרעמד=ארטיג.

for'eign attach'ment (פאר'-איין עטעטש'-מענט) דאס ארויפלעגען אן ארעסט אויף אן אויסלענדער'ס אייגענטום.

for'eign coun'try (פאר'-איין קאנ'-טרי) אויסלאנד.

for'eigner *n.* (פאר'-איינ-ער) א פרעמדער, אן אויסלענדער.

for'eignism *n.* (פאר'-איינ-איזם) דאס זיין פרעמד אדער אויסלענדיש; א פרעמדער אויסדרוק אדער מנהג.

for'eignize *v.* (פאר'-איינ-איז) ווערען אן אויסלענדער; זיך אנגעהמען מיט אויסלענדישע אידעען אדער געוועהנהייטען.

for'eign let'ter-pa'per (פאר'-איין לעט'-ער-פיי'-פער) דין פאסט=פאפיער.

for'eignness *n.* (פאר'-איינ-נעס) פרעמדקייט.

for'eign of'fice (פאר'-איין אפ'-איס) דאס מיניסטעריום פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

for'eign sec'retary (פאר'-איין סעק'-רי-טער-אי) דער מיניסטער פון אויסערען [פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען].

forejudge' *v.* (פאור-דזשאדזש') אורטיילען פארויס, אורטיילען ניט אויסהערענדיג די פאקטען און בעווייזע.

forejudg'ment *n.* (פאור-דזשאדזש'-מענט) דאס אורטיילען איידער מען בעקענט זיך מיט די פאקטען און בעווייזע; א פאראורטייל.

foreknew' (פאור-ניו') פארהער געוואוסט. ז. *foreknow*.

foreknow' *v.* (פאור-נאו') פארהערוויסען; וויסען אין פארויס.

foreknow'able *a.* (פאור-נאו'-עבל) וואס מען קען וויסען פון פריהער.

foreknow'er *n.* (פאור-נאו'-ער) דער וואס ווייסט פון פריהער.

God is the foreknower of all things.

foreknow'ingly *adv.* (פאור–נאו'–אינג-לי) וויסענדיג פריהער אדער פאר־אויס.

foreknowl'edge *n.* (פאור–נאל'–עדזש) דאס וויסען אין פארויס, דאס וויסען פון פריהער.

foreknown' *a.* (פאור–נאון') פון פריה־ער געוואוסט. ז. *foreknow*

for'el *n. and v.* (פאר'–על) פארמעט [צום איינבינדען ביכער]; איינבינדען אין פארמעט.

fore'lady *n.* (פאור'–ליי–די) די הויפט־מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזע־הערין איז אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'land *n.* (פאור'–לענד) דאס פאר־לאנד [א שטיק לאנד וואס רוקט זיך ארויס אין ים].

fore'lock *n.* (פאור'–לאק) די פאדער־האר פון קאפ [טשופרינע]; א שטיקעל אייזען וואס ווערט דורכגעשטעקט דורך א לאך ביים ענד פון א באלצען, כדי מען זאל איהם ניט קענען ארויסציהען.

fore'man *n.* (פאור'–מען) א פארמאן, דער הויפט־מייסטער אין א פאבריק; דער הויפט־מאן פון געריכטס־געשווארענע.

fore'manship *n.* (פאור'–מען–שיפ) דאס אמט, די שטעלע אדער די ארבייט פון דעם הויפט־מייסטער אין א פאבריק אדער פון דעם הויפט־מאן פון געריכטס־געשווארענע.

fore'mast *n.* (פאור'–מעסט) די פאדער־מאסט פון א שיף.

fore'mastman *n.* (פאור'–מעסט–מען) דער מאטראז אויף דער פאדער־מאסט; א געוועהנליכער מאטראז.

fore'-men'tioned *a.* (פאור'–מענ'–שאנד) אויבען־דערמאנט; אויבען־געשריבען.

fore'most *a.* (פאור'–מאוסט) וואס איז דער ערשטער, דער וויכטיגסטער אדער בע־ריהמטסטער.

Abraham Lincoln is the **foremost** character in American history.

fore'name *n.* (פאור'–ניים) דער פאר־נאמען, דער ערשטער אדער פערזענליכער נאמען פון א מענשען אויסער זיין פאמי־ליען־נאמען.

fore'named *a.* (פאור'–ניימד) וואס איז אויבען־דערמאהנט, הנ"ל.

fore'noon *n. and a.* (פאור'–נוהן) פארמיטאג־צייט; פון פארמיטאג־צייט; וואס איז שייך צו פארמיטאג־צייט.

forenoon' *n.* (פאור–נוהן') פארמיטאג־צייט.

fore'notice *n.* (פאור'–נאו–טיס) א פאר־לויפיגע מיטטיילונג; א פארבעדייטונג, א פאר־צייכען.

foren'sic *a. and n.* (פא–רענ'–סיק) וואס איז שייך צו אן עפענטליכער דיסקו־סיאן אדער דעבאטע; יורידיש, געריכט־ליך; וואס איז שייך צום געריכט; א גע־שריבענער אדער ארויסגעשפראכענער אר־גומענט.

foren'sic abil'ity (פא–רענ'–סיק ע–ביל'–אי–טי) די פעהיגקייט צו ארגומענטי־רען אדער דעבאטירען.

Not all lawyers must possess **forensic ability.**

foren'sical *a.* (פא–רענ'–סי–קעל) ז. *forensic*

foren'sic med'icine (פא–רענ'–סיק מעד'–אי–סין) די געריכטליכע מעדיצין [די וויסענשאפט, וועלכע בעהאנדעלט פערשיעדענע מעדיצינישע פראגען בנוגע צו יורידישער און געריכטליכער פראקטיק, ווי למשל, ווען און צוליעב וועלכע אור־זאכען איז געשעהן דער טויט פון א דער־הרג'עטען ביי א מארד־פראצעס א. ד. ג.].

foreordain' *v.* (פאור–אר–דיין') פאר־הער אדער פון פארויס בעשטימען.

foreordina'tion *n.* (פאור–אר–די–ניי'–שאן) פארהער־בעשטימונג; פרעדעס־טינאציאן [די לעהרע, אז גאט, איידער ער האט בעשאפען די וועלט, האט פארויס בעשטימט יעדע זאך וואס וועט פאסירען אין לעבען].

fore'part *n.* (פאור'–פארט) א פאדער־טייל; דער פראנט.

fore'payment *n.* (פאור'–פיי–מענט) פארויסבעצאהלונג.

foreplan' *v.* (פאור–פלען') פארויס פלא־נעווען, פארויס בעשטימען.

forerun' *v.* (פאור–ראן') פאר־לויפען; קומען פריהער; אנזאגען.

forerun'ner *n.* (פאור–ראנ'–ער) א פאר־לויפער; א שליח וואס לויפט פארויס; א פאר־צייכען.

fore'sail *n.* (פאור'–סייל) א פאדער־זעגעל פון א שיף.

foresaw' (פאור–סאה') פארגעזעהן. ז. *foresee*

foresay' *v.* (פאור–סיי') פארויסזאגען, בעשטימען פארויס; נביאות זאגען.

foresee' *v.* (פאור–סיע') פארהערזעהן, פארויסזעהן.

foresee'ing *a.* (פאור–סיע'–אינג) פאר־אויסזעהענד; וואס זעהט וואס שפעטער וועט זיין.

foresee'ingly *adv.* (פאור–סיע'–אינג–לי) דורך פארויסזעהן פריהער וואס עס וועט פארקומען; מיט א בליק פון א נביא.

foreseen' *a.* (פאור–סיען') פארויסגע־זעהן. ז. *foresee*

forese'er *n.* (פאור–סיע'–ער) א פארויס־זעהער, איינער וואס ווייסט וואס עס וועט שפעטער פאסירען.

fore'shadow *n.* (פאור'–שעד–או) דאס פארויס אנווייזען אויף עפעס וואס דארף פאסירען אדער אנקומען.

foreshad'ow *v.* (פאור–שעד'–או) פאר־אויס אנדייטען.

foreshad'ower *n.* (פאור–שעד'–א–ער) איינער וואס דייטעט אן פארויס אויף א זאך, וועלכע דארף פאסירען.

foreshad'owing *n.* (פאור–שעד'–א–אינג) די בילדליכע פארשטעלונג, דאס פארשטעלען אין בילדער.

fore'shaft *n.* (פאור'–שעפט) א שטיקעל האלץ אדער בייז וואס ווערט צוגעזעצט צום אויבערשטען טייל פון א פייל פון בויגען, כדי צוצוגעבען איהר מעהר גע־וויכט.

fore'-sheet *n.* (פאור'–שיעט) א שטריק מיט וואס מען האלט צו די פאדערשטע זעגעל אין א שיף.

fore'ship *n.* (פאור'–שיפ) דער פאדער־שטער אויסגעבויגענער טייל פון א שיף.

fore'shore *n.* (פאור'–שאור) דער פלא־כער ברעג פון ים, וועלכער בלייבט טרו־קען אין דער צייט פון וואסער־אבפאל אדער עבע.

foreshor'ten *v.* (פאור–שאהר'–טן) אין צייכנען — פערקירצען [פארשטעלען א פיגור אין פערספעקטיוו אזוי, אז עס זאל זיך בעקומען א פארשטעלונג פון איהר גאנצער לענג, כאטש עס איז בעוויזען גע־ווארען נור א טייל פון דיעזער לענג].

foreshort'ening *n.* (פאור–שאהרט'–נינג) אין צייכנען — די פערקירצונג. ז. *foreshorten*

foreshow' *v.* (פאור–שאו') פארהער אנ־צייגען, פארויס אנווייזען.

foreshown' *a.* (פאור–שאון') פארהער אנגעצייגט. ז. *foreshow*

fore'side *n.* (פאור'–סאיד) די פאדערשטע זייט, די אויסען־זייט, דער פראנט.

fore'sight *n.* (פאור'–סאיט) דאס פארויס־זעהן; דאס פארהער־וויסען; די פארזיכט.

fore'skin *n.* (פאור'–סקין) די פארהויט, די ערלה.

fore'sleeve *n.* (פאור'–סליעוו) דער פא־דערשטער טייל פון אן ארבעל [פון גע־לענק ביז'ן עלענבויגען].

forespur'rer *n.* (פאור–ספור'–ער) איינער וואס רייט פארויס.

for'est *n., a. and v.* (פאר'–עסט) א וואלד; וואס איז שייך צו וואלד; בעדע־קען מיט וואלד.

fore'-staff *n.* (פאור'–סטעף) אן אינ־סטרומענט וואס מען פלעגט אמאל געברוי־כען אויסצוגעפינען די הויך פון דער זון אדער פון די שטערען.

for'estage *n.* (פאר'–עס–טיידזש) אן אבצאהל פאר די אויפזעהער פון די קע־ניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד]; די דיענסטע פון אן אויפזעהער פון קעניגלי־כע וועלדער.

for'estal *a.* (פאר'–עס–טעל) וואס איז שייך צו וואלד.

forestall' *v.* (פאור–סטאהל') פערכאפען פריהער, פערלויפען דעם וועג, אויסקויפען עפעס אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען נאכדעם העכערען דעם פרייז; פערשטע־לען דעם וועג, איבערנעהמען אויף'ן וועג.

forestall'er *n.* (פאור–סטאהל'–ער) איי־נער וואס פערכאפט פריהער, וואס פער־לויפט דעם וועג אדער וואס קויפט אויס די גאנצע וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז.

forestall'ing *n.* (פאור–סטאהל'–אינג) דאס פערלויפען דעם וועג ביים אויפקויפען וואארען, דאס אויסקויפען די גאנצע וואארע, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז; דאס אויסקויפען די וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק; דאס איינרייידען די יעניגע וואס פיהרען סחורה צום מארק, אז זיי זאלען די סחורה אהין ניט פיהרען, אדער אז זיי זאלען דארט העכערען דעם פרייז.

fore'stay *n.* (פאור'–סטיי) א דיקער שטריק וואס האלט אונטער די פאדער־מאסט [אויף א שיף].

for'ester *n.* (פאר'–עס–טער) א וואלד־אויפזעהער; א וואלד־וועכטער; א וואלד־איינוואהנער, אן איינוואהנער פון א וויל־דערניש; דער גיגאנט־קענגורו [אזא חיה]; אזא שמעטערלינג.

For'esters *n.* (פאר'–עס–טערז) א געווי־סער ברידערליכער ארדען אין ענגלאנד און אמעריקא.

for'estership *n.* (פאר'–עס–טער–שיפ) דאס אמט פון א וואלד־אויפזעהער.

for'est-folk *n.* (פאר'–עסט–פאוק) וואלד־איינוואהנער [וועגען מענשען, חיות אדער וועגען די פערשיעדענע גייסטער וואס האל־טען זיך, לויט דעם פאלק'ס גלויבען, אין די וועלדער].

fore'stick *n.* (פאור'–סטיק) די פאדער־שטע האלץ־שייט וואס ברענט אין אן אויוון.

for'estine *a.* (פאר'–עס–טין) וואס איז שייך צו וואלד; וואס לעבט אדער וואקסט אין וואלד.

for'est-laws *n.* (פאָר'-עסט-לאָהז) געזעצע וועגען וועלדער, רעגולירונגען וועגען האַקען וועלדער און וועגען יאַגד אין די וועלדער.
for'estry *n.* (פאָר'-עס-טרי) וואַלד-וויסענשאַפט; די אַבצאָהלונגען צו די אויפזעהער פון די קעניגליכע וועלדער [אין ענגלאַנד].
for'est-tree *n.* (פאָר'-עסט-טריע) אַ וואַלד-בוים [אין געגענזאַץ צו די קולטיווירטע פרוכט-ביימער].
fore'summer *n.* (פאָור'-סאַמ-ער) אַ פריהער זומער.
fore'taste *n.* (פאָור'-טייסט) אַ פאָרגעשמאַק; אַ פאָרגעפיהל.
foretaste' *v.* (פאָור-טייסט') האָבען אַ פאָרגעשמאַק אָדער פאָרגעפיהל; פּערזוכען עפּעס פריהער פון אַ אַנדערען.
foretas'ter *n.* (פאָור-טייס'-טער) איינער וואָס האָט אַ פאָרגעשמאַק אָדער פאָרגעפיהל.
foretell' *v.* (פאָור-טעל') פאָרויסזאָגען, פּראָפעצייהען.
foretell'er *n.* (פאָור-טעל'-ער) אַ פאָרויסזאָגער, אַ פּראָפעצייהער, אַ נביא.
forethink' *v.* (פאָור-טהינק') פאָרבעדענקען; פאָרבעטראַכטען.
fore'thought *n.* (פאָור'-טהאָהט) פאָרבעדאַכט, פאָרזיכטיגקייט, איבערלעגונג.
fore'time *n.* (פאָור'-טאַים) פריהעריגע צייט, אַמאָליגע צייט.
foreto'ken *v.* (פאָור-טאָו'קן) ז. *foreshadow*.
fore'token *n.* (פאָור'-טאָוקן) ז. *foreshadow*.
foretoke'ning *n.* (פאָור-טאָוק'-נינג) ז. *foreshadowing*.
foretold' (פאָור-טאָולד') פאָרויסגעזאָגט. ז. *foretell*.
fore'-tooth *n.* (פאָור'-טוהטה) אַ פאָדערשטער-צאָהן, אַ שנייד-צאָהן.
fore'top *n.* (פאָור'-טאָפּ) די האָר אָדער די לאָקען וואָס הענגען אַריבער איבער'ן שטערען; די פּלאַטפאָרם אויף דעם פאָדערשטען מאַסט [אויף אַ שיף].
fore'topman *n.* (פאָור'-טאָפּ-מען) אַ וועכטער אויף דעם פאָדערשטען מאַסט [אויף אַ קריעגס-שיף].
fore'topmast *n.* (פאָור'-טאָפּ-מעסט) דער שפּיץ פון דעם פאָדערשטען מאַסט איבער דער וואַך-פּלאַטפאָרם.
forev'er *adv.* (פאָר-עוו'-ער) אויף תמיד, אויף אימער, אימער און אייביג.
for ev'er (פאָר עוו'-ער) אויף אַלע מאָל.
for ev'er and a day (פאָר עוו'-ער ענד ע דיי) אימער און אייביג.
forev'ermore *adv.* (פאָר-עוו'-ער-מאָור) פון היינט אָן אויף אייביג; לעולם ועד.
forevouch' *v.* (פאָור-וואָוטש') פאָרויס פערזיכערען, פאָרויס בעשטעטיגען.
forewarn' *v.* (פאָור-הוואָהרן') פאָרויס וואָרנען, פאָרויס מזהיר זיין.
forewar'ning *n.* (פאָור-הוואָהר'-נינג) אַ וואָרנונג, אַן אזהרה.
foreweigh' *v.* (פאָור-הוויי') פאָרויס אָבשאַצען, פאָרויס בעשטימען די אויסגאַבען.
fore'wind *n.* (פאָור'-הווינד) אַ גינסטיגער ווינד, אַ ווינד וואָס בלאָזט אין דער ריכטונג וואוהין די שיף דאַרף געהן.
forewish' *v.* (פאָור-הוויש') פאָרויס ווינשען, ווילען אָדער פערלאַנגען.
fore'woman *n.* (פאָור-הוואומ-ען) די הויפּט-מייסטערין אין אַ פאַבריק; אַן אויפזעהערין אין אַן אָבטיילונג פון אַ געשעפט.
fore'word *n.* (פאָור'-הוואירד) אַ פאָרוואָרט [צו אַ ליטעראַרישען ווערק].
fore'world *n.* (פאָור'-הוואירלד) די פריהעריגע וועלט; די וועלט אין איהר פריהעריגען צושטאַנד; די וועלט פאַר'ן מבול.
for exam'ple (פאָר עג-זעמ'פּל) למשל, צום ביישפּיעל.
for fear (פאָר פיער) אוים מורא.
for'feit *v., n. and a.* (פאָר'-פיט) פערלירען [אַלס שטראָף פאַר אַ פערברעכען, פעהלער אָדער פערנאַכלעסיגונג]; ברייננגען צו אַ פערלוסט [אַלס שטראָף]; עטוואָס וואָס מען פערלירט אַלס שטראָף; אַ שטראָף; אַ קאָנפיסקירונג; אַ פאַנד [אַ זאַך געגעבען אַלס משכון אין שפּיעלען]; פערלאָרען [אַלס שטראָף].
for'feitable *a.* (פאָר'-פי-טעבל) וואָס מען קען צונעהמען, וואָס מען קען קאָנפיסקירען אָדער וואָס מען קען פערלירען אַלס שטראָף פאַר אַ פערברעכען אָדער פערנאַכלעסיגונג.
for'feit cred'it (פאָר'-פיט קרעד'-איט) פערלירען דעם קרעדיט, פערלירען דעם נאָמען.
get there (געט טהעהר) 1. דערגרייכען א ציעל, האבען ערפאלג; 2. די מעלה אדער די מעלות וואס פערזיכערען ערפאלג אדער וואס מאכען פעהיג צו עפעס.
2. He possesses the get there quality.

get there with both feet (געט טהעהר הוויטה באטה פיעט) גלענצענד דערגריי־כען א ציעל; האבען א וואונדערבארען ער־פאלג.

get the slip (געט טהי סליפ) דורכפא־לען, צוריקגעוויזען ווערען [ביי א ליעבעס־ערקלערונג].

get the start of (געט טהי סטארט אוו) פערכאפען, אריבעריאגען, פערלויפען דעם וועג.

get through (געט טהרוה) פערטיג ווע־רען; דורכגעהן.

get through with (געט טהרוה הוויטה) פארטיג ווערען [מיט עפעס].
I'll get through with my work in a week.

get'ting *n.* (געט'־אינג) דערגרייכונג, ער־ווערבונג, דאס קריעגען [עפעס]; געבעה־רונג; דאס ווערען; געווינס, פערדיענסט.

get to (געט טו) דערגרייכען.
I'll get to it, by and by.

get to bed (געט טו בעד) זיך לעגען שלאפען; זיך לעגען אין בעט.

get togeth'er (געט טו־געטה'־ער) 1. זיך צוזאמענגעהמען, זיך פערזאמלען, צוזאמענ־בריינגען; 2. קומען צו א פערשטענדיגונג, זיך פרובען אויסגלייכען.
1. We often get together at lunch. 2. The leaders of the opposing factions got together.

get to log'gerheads (געט טו לאג'־ער־העדז) קומען צו פעטש.

get to sleep (געט טו סליעפ) אנשלא־פען ווערען.

get un'der sail (געט אנ'־דער סייל) אבזעגלען [ווענען א שיף וואס פאהרט אב].

get up (געט אפ) זיך אויפ־אויפשטעהן; זיך אויפ־הויבען; שטייגען; פערפארטיגען, פארבע־רייטען, ארגאניזירען, פעראנשטאלטען, צו־זאמענשטעלען, פלאנעווען, מאכען, ערפינ־דען; איינשטודירען; זיך בעקליידען, זיך אויסשטאטען; זיך פערשטעלען; בריינגען אין ארדנונג [ווי שטאפען דורך רייניגען, פרעסען א. ד. ג.].

get'-up *n.* (געט'־אפ) 1. אויסשטאטונג, אויסריכטונג, געשטאלטונג; 2. א שוויג־דעל.
1. The actor appeared on the stage in a curious get-up. 2. It was all a get-up.

get well (געט הוועל) געזונד ווערען.

get wind (געט הווינד) זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען [ווענען א קלאנג, סוד א. ד. ג.].

get wind of (געט הווינד אוו) דערוויסען זיך, געוואהר ווערען, דערשפירען.
I got wind of his plots.

get with child (געט הוויטה טשאילד) שוואנגער ווערען.

get you gone ! (געט יו גאן) ארויס! אוועק! טראג זיך אב!

gew'gaw *n. and a.* (גיו'־גאה) א שפיעל־ווערק; א שפיעל־צייג, א צאצקע; אונבע־דייטענד, ניט ווערטיג, ניכטיג.

gey'ser *n.* (גאי'־סער) א גייזער, א קוואל פון וועלכען עס שפריצט הייס וואסער.

Geysers

gey'seric *a.* (גאי'־סער־איק) וואס איז שייך צו א גייזער [א קוואל פון וועלכען עס שפריצט הייס וואסער].

ghar'ry *n.* (גער'־אי) אזא אינדישער צוויי־רעדערדיגער וואגען צו וועלכען עס ווערען געשפאנט אקסען אדער קליינע פערדלעך.

ghast *a.* (געסט) וואס האט א שרעקליכען אויסזעהען; מורא'דיג, געהיימניספול.

ghast'liness *n.* (געסט'־לי־נעס) שרעק־ליכקייט; מורא; א שרעקליך, מורא'דיג אויסזעהען; א טויטען־בלייכקייט.

ghast'ly *a. and adv.* (געסט'־לי) וואס זעהט אויס ווי א טויטער; ערשרעקענד, מורא'דיג, שרעקליך; אויף אן ערשרעקענ־דען אדער מורא'דיגען אופן; מיט דעם אויסזעהען פון א טויטען.

ghee *n.* (גיע) אזא ווייסער דיקער אויל וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסען בוים אין נארד־אינדיען; אזא אויל וואס ווערט געמאכט פון פוטער.

gher'kin *n.* (גויר'־קין) אז עסיג־אוגער־קע; א גרינע אוגערקע צום איינזייערען.

Ghet'to *n.* (גהעט'-או) א גהעטא [דער קווארטאל אין א שטאדט, וואו אידען פלעגען אמאל זיין געצוואונגען צו וואהנען].

Ghib'elline *n. and a.* (גיב'-על-אין) א מיטגליעד פון דער קייזערליכער און דער אריסטאקראטישער פארטיי אין איטאליען אין מיטעלאלטער [צווישען דעם 11טען און 14טען יאהרהונדערט], וועלכע האט געקעמפפט געגען דער פארטיי פון פאפסט; וואס איז שייך צו דיעזער פארטיי און איהרע פרינציפען.

ghost *n.* (גאוסט) א גייסט; די נשמה; א רוח; א געשפענסט; א שאטען; א ליכט=פלעק.

ghos'tess *n.* (גאוס'-טעס) א ווייבערשער רוח, א ווייבערשער דבוק.

ghost'land *n.* (גאוסט'-לענד) דאס גייסטער=לאנד, דאס לאנד פון איבערנאטירליכען.

ghost'less *a.* (גאוסט'-לעס) גייסטלאז, אהן לעבען.

ghost'like *a.* (גאוסט'-לאיק) גייסטערהאפט; עהנליך צו א רוח; עהנליך צו א טויטען.

ghost'liness *n.* (גאוסט'-לי-נעס) גייסטערהאפטיגקייט; דאס זיין ווי א גייסט.

ghost'ly *a.* (גאוסט'-לי) גייסטערהאפט; גייסטיג; איבערנאטירליך; וואס איז שייך צו דער נשמה אדער צו דער רעליגיאן.

ghost'-sto'ry *n.* (גאוסט'-סטאו'-רי) א מעשה וועגען שדים; א נישט=געשטויגענע, נישט=געפלויגענע געשיכטע; א געשיכטע וועלכע א צייטונגס רעפארטער האט אויסגעטראכט.

ghost'-word *n.* (גאוסט'-הווארד) דער דרוק=פעהלער=טייוועל [א גרייז וואס גנב'עט זיך אריין אין א שריפט].

ghoul *n.* (גוהל) א מענשען=פרעסענדער ריעז אדער טייוועל [אין דעם פאלקס=גלייבען פון געוויסע פעלקער].

ghou'lish *a.* (גוה'-ליש) דעמאניש, טייוואליש; ווי א מענשען=פרעסענדער טייוועל.

ghur'rie *n.* (גאר'-אי) ז. *ghurry*

ghur'ry *n.* (גאר'-אי) א וואסער=זייגער; א זייגער; אין דער אלט=אינדישער צייט=רעכנונג — א 60טעל פון א מעת לעת [24 מינוטען]; א שטונדע.

ghyll *n.* (גיל) א בארג=טייכעל; א שמאלער טהאל אין וועלכען עס פליסט א טייכעל.

gi'ant *n. and a.* (דזשאי'-ענט) א גיגאנט; א ריעז [פיזיש אדער גייסטיג]; גיגאנטיש; ריעזיג, ריעזענהאפט.

gi'antess *n.* (דזשאי'-ען-טעס) א גיגאנטין, א פרוי א ריעז.

gi'ant fen'nel (דזשאי'-ענט פענ'-על) דאס שטעקען=קרויט [אזא פלאנצע].

gi'antish *a.* (דזשאי'-ען-טיש) גיגאנטיש, ריעזיג, ריעזענהאפט.

gi'ant-kill'er *n.* (דזשאי'-ענט-קיל'-ער) א ריעזען=טויטער [דער העלד פון די קינדערשע מעשה'לעך, וועלכער טויטעט די בלוט=דורשטיגע, שרעקליכע ריעזען].

gi'antly *a.* (דזשאי'-ענט-לי) ווי א גיגאנט; גיגאנטיש, ריעזיג.

gi'ant-pow'der *n.* (דזשאי'-ענט-פאו'-דער) אן עקספלאדירענדער שטאף, א מין דינאמיט.

gi'ant-quell'er *n.* (דזשאי'-ענט-קהוועל'-ער) ז. *giant-killer*

gi'antship *n.* (דזשאי'-ענט-שיפ) גיגאנטישקייט, ריעזענהאפטיגקייט.

giaour *n.* (דזשאור) אן אונגלויביגער [אזוי רופען די מאכמעדאנער די ניט=מאכמעדאנער, הויפטזעכליך די קריסטען].

gib *n. and v.* (דזשיב) א שטיק אייזען וואס ווערט בענוצט אין ראהמען=ווערק צו האלטען צוזאמען בעזונדערע שטיקער האלץ אדער אייזען, צווישען וועלכע עס ווערט אריינגעקלאפט א קלין; אין א דאמפף=מאשין — דער קלין וואס ווערט אריינגעקלאפט צווישען די ענד=טיילען פון א שאטון אדער פערבינדונגס=שטאנג, כדי צו פערפעסטיגען דעם לאגער; דער ארויסגעשטארצטער ארעם אדער שטאנג פון א הויב=מאשין; צונויפדריקען בעזונדערע טיילען איינע צו די אנדערע דורך א קלין וואס ווערט צווישען זיי אריינגעקלאפט.

gib'ber *v. and n.* (גיב'-ער) רעדען אונפערשטענדליך; אין באטאניק — א פאנאנדערברייטונג פון אונטערשטען טייל פון א בלומען=קריינדעל.

gib'berish *n. and a.* (גיב'-ער-איש) קוידערוועלש, אן אונפערשטענדליכע שפראך; אונפערשטענדליך.

gib'bet *v. and n.* (דזשיב'-עט) א גאלגאן, א תליה; אויפהענגען [אויף א תליה]; דער קוווער=שטאנג פון א הויב=מאשין; ארויסשטעלען צו שאנדע; צונאגלען צום שאנד=קלאָץ.

gib'bon *n.* (גיב'-אן) דער גיבאן [א מאלפע אדער אפע מיט זעהר לאנגע הענד און אהן אן עק].

Gibbon

gib'bose *a.* (גיב'-אוס) הויקערדיג, הארבאטע, בוקעלדיג; מיט א קרומען רוקען; אויסגעבויגען, קאנוועקס.

gibbos'ity *n.* (גי-באס'-אי-טי) הויקערדיגקייט, בוקעלדיגקייט; די רונדקייט אדער קרומקייט פון א רוקען.

gib'bous *a.* (גיב'-אס) ז. *gibbose*

gib'bously *adv.* (גיב'-אס-לי) מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען; ווי א הויקער.

gib'bousness *n.* (גיב'-אס-נעס) הויקערדיגקייט; דאס זיין מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען, דאס זיין הארבאטע.

gib'-cat *n.* (גיב'-קעט) אן אלטער קאטער.

gibe *n. and v.* (דזשאיב) שפאטען, אבלאכען; שפאט; א סארקאסטישער אויסדרוק; בייסענדער שפאט.

gi'ber *n.* (דזשאי'-בער) אן אבשפאטער.

gi'bing *a.* (דזשאי'-בינג) שפאטיש, סארקאסטיש.

gi'bingly *adv.* (דזשאי'-בינג-לי) אויף א שפאטישער ארט.

gib'let *n. and a.* (דזשיב'-לעט) א דרויבע אדער אינגעווייד און אנדערע טיילען פון אן עוף [ווי דער קאפ, די פיסלעך און די פליגלען], וועלכע מען נעהמט ארויס און מען שניידט אב, בעת מען נעהמט דאס עוף בראטען; געמאכט אדער צוגעגרייט פון דעם אינגעווייד פון אן עוף.

gid'dily *adv.* (גיד'-אי-לי) אויף א ליכטזיניגען, אונבעזאנענעם שטייגער; מיט א שווינדעל אין קאפ; צומישט, צוטומעלט.

gid'diness *n.* (גיד'-אי-נעס) א שווינדעל אין קאפ; צומישטקייט, צוטומעלטקייט; ליכטזיניגקייט; אונבעשטענדיגקייט.

gid'dy *a. and v.* (גיד'-אי) ליכטזיניג, אונבעזאנען, ניט איבערלעגט, אונפארזיכטיג; וואס שטעהט ניט זיכער אויף די פיס; וואס האט א שווינדעל אין קאפ; פעראורזאכען א שווינדעל אין קאפ; מאכען אונבעשטענדיג; דרעהען שנעל.

gid'dy-head *n.* (גיד'-אי-העד) א ליכטזיניגער מענש.

gid'dy-head'ed *a.* (גיד'-אי-העד'-עד) ליכטזיניג, ניט איבערלעגט, אונבעזאנען.

gid'dy-paced *a.* (גיד'-אי-פייסט) וואס געהט מיט אונזיכערע טריט; וואס בעוועגט זיך שאקלענדיג; וואס האט ניט קיין רעגולערען גאנג.

gid'dy-pa'ted *a.* (גיד'-אי-פיי'-טעד) ליכטזיניג, אונבעשטענדיג.

gift *n. and v.* (גיפט) א גאבע, א מתנה; גייסטעס=גאבע, פעהיגקייט; בעגאבען, בעשענקען.

gift by will (גיפט באי הוויל) א ירושה.

gif'ted *a.* (גיפ'-טעד) בעגאבט, בעשאנקען מיט געוויסע פעהיגקייטען.

gif'tedness *n.* (גיפ'-טעד-נעס) בעגאבטהייט; דאס זיין בעגאבט אדער בעשאנקען מיט א געוויסען טאלאנט.

gifts *n.* (גיפטס) ווייסע פלעקען אדער בליהונג אויף די נעגעל [א פאלקס=סימן, אז מען וועט קריעגען א מתנה].

gig *n. and v.* (גיג) דאס וואס בעוועגט זיך און דרעהט זיך שנעל; א גאהר, א דריידעל; א לייכטער וואגען אויף צוויי רעדער; א מין לייכט שיפעל; א מאשין מיט זיך=דרעהענדע צייהניגע צילינדערס צו בערשטען וואל; א הארפון [א מין לאנגער גאפעל מיט צייהניגע שפיצען צו כאפען פיש]; א לייכטזיניג, נאריש מיידעל; א לייכטזיניגער מענש; שנעל בעוועגען אדער דרעהען; כאפען פיש מיט א הארפון.

gigante'an *a.* (דזשאי-גען-טי'-ען) ווי א גיגאנט, ווי א גבור; מעכטיג.

gigantesque' *a.* (דזשאי-גען-טעסק') וואס פאסט פאר א גבור.

gigan'tic *a.* (דזשאי-גענ'-טיק) גיגאנטיש, ריעזענמעסיג, זעהר גרויס; ווי עס פאסט פאר א גיגאנט אדער גבור.

gigan'tically *adv.* (דזשאי-גענ'-טי-קעל-אי) גיגאנטיש; אויף א ריעזיגען אופן.

gigan'ticide *n.* (דזשאי-גענ'-טי-סאיד) דאס אויס'הרג'ענען די ריעזען; א ריעזען=שלעגער.

gigan'tic lil'y (דזשאי-גענ'-טיק ליל'-אי) די ריעזען=ליליע [אזא בלומען=פלאנצע וואס וואקסט אויס גרויס ווי א בוים].

Gigantic Lily

gigan'tine *a.* (דזשאי-גענ'-טין) ריעזיג, אונגעהייער גרויס.

gigantol'ogy *n.* (דזשאי-גען-טאל'-א-דזשי) די אבהאנדלונג וועגען ריעזען.
gigantom'achy *n.* (דזשאי-גען-טאמ'-ע-קי) דער קאמפף פון די טיטאנען מיט די געטער [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].
gig'gle *v. and n.* (גיגל) קיכען, לאכען שטארק; דאס קייכען פון געלעכטער.
gig'gler *n.* (גיג'-לער) א קייכער, א גרויסער לאכער.
gild *v. and n.* (גילד) פערגאלדען, גילדען; גלעבען; פערציערען; א גילדע, א צעך; א רעליגיעזער פעראיין אדער קירך פאר געגענזייטיגער שטיצע.
gil'der *n.* (גיל'-דער) א פערגאלדער; א גולדען [א האלענדישע זילבערנע מטבע, ווערטה אונגעפעהר 40 אמעריקאנער סענט].
Gild'hal *n.* (גילד'-האהל) דער גילדע-זאאל אין לאנדאן, ענגלאנד [אין דיעזען זאאל ווערען אבגעהאלטען אמטליכע פעסטליכקייטען, די זיצונגען פון פערשיעדענע לאנדאנער געריכטען און פון אנדערע אמטליכע קערפערשאפטען].
gild'hall *n.* (גילד'-האהל) א גילדע-זאאל [דער זאאל וואו די מיטגליעדער פון א גילדע אדער צעך פערזאמלען זיך].
gil'ding *n.* (גיל'-דינג) די פערגאלדונג; א גאלד-בעדעקונג; א פערשעהנערטע אויסערע בעדעקונג.
gil'ding-press *n.* (גיל'-דינג-פרעס) אין בוכבינדעריי — א פערגאלדונגס-פרעס [אזא פרעס צום פערגאלדען די טאוולען און די בלעטער-ראנדען פון ביכער].
gil'ding-tool *n.* (גיל'-דינג-טוהל) אין בוכבינדעריי — א פערגאלדונגס-שטעמפעל [א שטעמפעל צו פערגאלדען די טאוולען און די רוקענס פון ביכער].
gild the pill (גילד טהי פיל) פערזיסען די ביטערע פיל.
gild with blood (גילד וויטה בלאד) בעדעקען מיט בלוט.
gilet' *n.* (זשי-לעי') א זשילעט, א וועסט; א וועסט-איינזאץ אין א פרויען-קלייד.
gil'-hoo'ter *n.* (דזשיל'-הוה'-טער) ז. *barn-owl*.
gill *n.* (דזשיל) א פליסיגקייטס-מאס פון א פיערטעל קווארט; דער גרונדערמאן [אזא פלאנצע]; קרייטער-ביער; א מיידעל, א געליעבטע.
gill *n. and v.* (גיל) קיעמען, זשאברע [דער אטהעמונגס-ארגאן ביי פיש און אנדערע וואסער-טהיערע]; א שמאלער טהאל; א שמאלער טהאל אין וועלכען עס פליסט א שטראמיג טייכעל; א קנייטש, א פאלד; אזא וואגען וואס בעשטעהט פון א ראהם מיט צוויי רעדער צו פיהרען באלקענס; פאנגען פיש פאר זייערע באקען מיט אזא ספעציעלען נעץ.
gill'-beer *n.* (דזשיל'-ביער) קרייטער-ביער [אזא זארט מאלץ-ביער אין וועלכען עס ווערען אריינגעטהאן די בלעטער פון דער גרונדערמאן-פלאנצע].
gill'-cav'ity *n.* (גיל'-קעוו'-אי-טי) דאס גריבעלע וואו עס געפינען זיך די אטהעמונגס-ארגאנען ביי פיש.
gill'-cham'ber *n.* (גיל'-טשיימ'-בער) ז. *gill-cavity*.
gill'-cov'er *n.* (גיל'-קאוו'-ער) די קיעמען-הויט [דאס הייטעל וואס בעדעקט די אטהעמונגס-ארגאנען ביי פיש].
gil'let *n.* (דזשיל'-עט) א מוטווילינע אדער שאלקהאפטיגע פרוי אדער מיידעל.
gil'liflower *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער) ז. *gillyflower*.
gill'-lid *n.* (גיל'-ליד) ז. *gill-cover*.
gil'lyflower *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער) אין באטאניק — די נעלקע; די לעווקאיע; די ווינטער-לעווקאיע; די זענעפט-פלאנצע; די וואנד-בלום.
gil'lyflower-ap'ple *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער-ע'פל) אזא זארט ענגלישע און דונקעל-רויטע עפעל, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין גוטען געשמאק.
gilt *a. and n.* (גילט) פערגאלדעט, בעגילט; פון גאלד-קאליר; דאס פערגאלדונגס-מאטעריאל; דאס אויסערליכע אויסזעהן; א יונגע ליאכע [חזיר'טע].
gilt'-backed *a.* (גילט'-בעקט) מיט א בעגולטען רוקען [וועגען ביכער].
gilt'-edged *a.* (גילט'-עדזשד) 1. פון דעם בעסטען זארט; אויסגעצייכענט גוט; 2. מיט בעגולטע ברעגען, מיט א בעגולטען שניט [וועגען די בלעטער-ראנדען פון א בוך אדער פון וועלכע עס איז אנדערע דרוק-זאכען].
1. I bought some **gilt-edged** securities. 2. I received a book with **gilt-edged** leaves.
gilt'head *n.* (גילט'-העד) א גאלד-פיש [א נאמען פון פערשיעדענע זארטען פיש, וועלכע האבען א גאלד-קאליר].

Gilthead

gilt'tail *n.* (גילט'-טייל) דער גאלד-ווארים [אזא ווארים וואס זיין הינטערשטער טייל איז פון גאלד-געלבען קאליר].
gim'bal *n.* (דזשימ'-בעל) א באלאנסי-רונגס-רינג, א פארריכטונג [ווי אין דער פארם פון א רינג] צו האלטען אין גלייכגעוויכט אן הענגענדע זאך אדער צו ערמעגליכען די פרייע בעוועגונג פון אן הענגענדער זאך.
gim'bal-jawed *a.* (דזשימ'-בעל-דזשאהד) וואס האט א צו בעוועגליכע ארויסשטארטשענדע הינטערשטע קינבאק.
gim'blet *n.* (גימ'-בלעט) ז. *gimlet*.
gim'crack *n. and a.* (דזשימ'-קרעק) א שפיעלכעל, א שעהנע ניט וויכטיגע זאך; שעהן, אבער ניט וויכטיג.
gim'crackery *n.* (דזשימ'-קרעק-ער-אי) שעהנע נארישקייטען אדער קליינינקייטען.
gim'el *n.* (גימ'-על) א "ג" [דער דריטער אות פון אידישען אלף בית].
gim'let *n. and v.* (גימ'-לעט) א קליינער דריל אדער ענגבער; בויערען; דרעהען [ווי אן ענגבער].

Gimlet

gim'let-eye *n.* (גימ'-לעט-אי) א קליין אויג מיט א שארפען אונאנגענעהמען בליק; א פערקרימט אויג.
gim'let-eyed *a.* (גימ'-לעט-איד) שארפזיכטיג, וואס האט א שארפען בליק; וואס גריבעלט זיך אין קליינינקייטען.
gimp *n. and v.* (גימפ) זייד-באנד, זייד-טאשמע; א דיקער זיידענער פאדים, געברויכט אלס ברעגען ביי קישען-שפיצען [איינזאץ, קרוזשעווע]; מאכען אדער בעלעגען עטוואס מיט אזעלכע טאשמעס אדער פעדים.
gimped embroid'ery (גימפט עמ-בראיד'-ער-אי) בלאנק-שטיק [אויסנעהען מיט גאלד און זייד אזוי, אז די פיגורען אדער בוכשטאבען זאלען ארויסקומען רונד, גלאט און בולט].
gim'ping *n.* (גימ'-פינג) זיידען-טאשמעס, זיידען-באנד [געברויכט אין האפטען אדער אויסנעהען]. ז. *gimp*.
gimp lace (גימפ לייס) שפיצען איבערגעוועבט מיט זייד.
gim'py *a.* (דזשימ'-פי) לעבעדיג, ספריטנע.
gin *n. and v.* (דזשין) א מאשין, א הויב-מאשין, א מאשין אריינצושלאגען פלעקער, א פומפ, א מאשין צו רייניגען באוועל; א פאסטקע, א נעץ; בראנפען; וואכאלדער-בראנפען [אזא מין בראנפען געמאכט מיט וואכאלדער-יאגדעס]; אן אויסטראלישע פרוי; אן אלטע פרוי; אריינכאפען אין א פאסטקע.
gin and tat'ters (דזשין ענד טעט'-ערז) א שיכור אין טראנטעס.
gin'-blos'soms *n.* (דזשינ'-בלאס'-אמז) א רויטע נאז [פון שכרות].
gin'ger *n. and a.* (דזשינ'-דזשער) אינגבער; געמאכט מיט אדער פון אינגבער.
gingerade' *n.* (דזשינ-דזשער-אייד') א שמעקעדיגער געטראנק געמאכט מיט אינגבער.
gin'ger-ale *n.* (דזשינ'-דזשער-אייל) א שוימענדער געטראנק עהנליך צו אינגבער-ביער. ז. *ginger-beer*.
gin'ger-beer *n.* (דזשינ'-דזשער-ביער) אינגבער-ביער [א שוימענדער געטראנק געמאכט מיט אינגבער, הייוועז און צוקער].
gin'gerbread *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד) אינגבער-קוכען, האניג אדער פעפער-לעקעך; לעקעכלעך אויסגעמאכט אין פערשיעדענע פיגורען.
gin'gerbread-bat'tle *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-בעטל) א מלחמה מיט בלייענע סאלדאטלעך.
gin'gerbread-nut *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-נאט) פעפערנוס-קוכען [אזא מין לעקעכל].
gin'gerbread-plum *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-פלאם) די דומפאלמען-פלוים [די פרוכט פון דער דומפאלמע].
gin'gerbread-tree *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-טריע) א דומפאלמע [אזא פרוכט-בוים וואס וואקסט אין וועסט-אפריקא].
gin'gerbread-work *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-הוואירק) געשניצטע פערציערונגען [פאר געביידעס, מעבעל א. ד. ג. ווערט געברויכט אלס אויסדרוק פון פעראכטונג].
gin'gerly *a. and adv.* (דזשינ'-דזשער-לי) זאכט, דעליקאט, פארזיכטיג [וועגען דער מאניער צו געהן]; פארזיכטיג ארומגעהן מיט זאכען; אויף א דעליקאטען, זאכטען, פארזיכטיגען שטייגער.
gin'gernut *n.* (דזשינ'-דזשער-נאט) א לעקעכעל געמאכט מיט אינגבער.
gin'ger-pop *n.* (דזשינ'-דזשער-פאפ) אינגבער-ביער.
gin'gersnap *n.* (דזשינ'-דזשער-סנעפ) א דינער לעקעך געמאכט מיט אינגבער.
gin'ger-wine *n.* (דזשינ'-דזשער-הוואין)

אינגבער=ווייז [א געטראנק געמאכט מיט
אינגבער, לעמאָן=שאַלעכץ, הייוועז, ראזשינ=
קעס און צוקער].

gin′ger-work *n.* (דזשינ′-דזשער-
הוואירק) ז. ***gingerbread-work***

gin′gery *a.* (דזשינ′-דזשער-אי) שארף,
פעפערדיג, בייסענד.

ging′ham *n. and a.* (גינג′-עם) גינג=
האם אדער גינגאנג [אזא באוועלנער
שטאף]; געמאכט פון גינגהאם.

gin′ging *n.* (גינ′-דזשינג) די אויספוטע=
רונג, דער בעשלאג ארום די ווענד פון א
שאכט.

gingi′væ *n.* (דזשינ-דזשאי′-וויע) די
יאסלעם [צאהן=פלייש].

gingi′val *a.* (דזשינ-דזשאי′-וועל) וואס
איז שייך צו די יאסלעם.

gingi′val line (דזשינ-דזשאי′-וועל
לאין) א רויטקייט אויף די יאסלעם וואס
קומט פון געוויסע קראנקהייטעז.

gingivi′tis *n.* (דזשינ-דזשי-וואי′-טיס)
ענטצינדונג פון די יאסלעם [צאהן=
פלייש].

ging′ko *n.* (גינג′-קאו) אזא יאפאנעזער
בוים וואס צייכענט זיך אויס מיט זיינע
שעהנע בלעטער.

ging′ko-tree *n.* (גינג′-קאו-טריע)
ז. ***gingko***

gin′glymoid *a.* (דזשינ′-גלי-מאיד) אין
אנאטאמיע — וואס האט דעם אויסזעהן
פון א זאוויעסע אדער טהיר=אנגעל.

ginglymoi′dal *a.* (דזשינ-גלי-מאי′-
דעל) ז. ***ginglymoid***

gin′glymus *n.* (דזשינ′-גלי-מאס) אין
אנאטאמיע — א ווינקעל=געלענק ווי א זא=
וויעסע אדער טהיר=אנגעל.

gin′-mill *n.* (דזשינ′-מיל) אין שכורים
לשון — א פראסטער שענק וואו מען פער=
קויפט בראנפען.

gin′-pal′ace *n.* (דזשינ′-פעל′-עס) א ריי=
כער בראנפען=שענק.

gin′seng *n.* (דזשינ′-סענג) גינסענג אדער
קראפטווארצעל [אזא פלאנצע פון וועלכער
די כינעזער מאכען פערשיעדענע מעדיצינען
אין וועמעס ווירקונג זיי גלויבען זעהר
שטארק].

gin′-shop *n.* (דזשינ′-שאפ) א שענק, א
טראקטיר.

gin′-sling *n.* (דזשינ′-סלינג) א קאלטער
געטראנק וואס איז געמישט פון וואסער,
צוקער און א געוויסען זארט בראנפען.

Gip′sy *n. and a.* (דזשיפ′-סי) א ציגיי=
נער, א ציגיינערקע; די ציגיינערשע
שפראך; ציגיינעריש, ווי א ציגיינער.

gip′sy *n. and v.* (דזשיפ′-סי) איינער
אדער איינע וואס האט דעם כאראקטער
אדער זעהט אויס ווי א ציגיינער; הוליען
ווי א ציגיינער.

gip′sydom *n.* (דזשיפ′-סי-דאם) ציגיי=
נערשאפט; דאס לעבען און די געוועהנהיי=
טען פון ציגיינער.

gip′sy-hat *n.* (דזשיפ′-סי-העט) א ציגיי=
נער=הוט [א הוט מיט א ברייטען ראנד,
מייסטענס א דאמען=הוט].

gip′sying *n.* (דזשיפ′-סי-אינג) דאס ציי=
גיינערישע לעבען און זייערע מנהגים.

gip′syism *n.* (דזשיפ′-סי-איזם) ציגיי=
נער=שטאנד; ציגיינעריי.

gip′sy-moth *n.* (דזשיפ′-סי-מאטה) דער
ציגיינער=מאיל [אזא זומער=פויגעלע].
ז. איל. ***"Butterflies"***

gip′sywort *n.* (דזשיפ′-סי-הוואירט) די
ציגיינער=קרויט [אזא פלאנצע].

giraffe′ *n.* (דזשי-רעף′) די זשיראפע
[אזא חיה מיט א זעהר לאנגען האלז];
אזא וואגען וואס ווערט בענוצט אין שאכ=
טען [קויהלען=גרובען אדער ערץ=מינען].

Giraffes

Giraffe′ *n.* (דזשי-רעף′) אין אסטרא=
נאמיע — דאס זשיראף=שטערען=בילד.

gir′andole *n.* (דזשיר′-ען-דאול) אן
ארם=לייכטער, א לייכטער מיט רעהרען;
אזא זארט פייערווערק וואס דרעהט זיך
ווי א ראד; עטוואס וואס דרעהט זיך אין
דער רונד ווי א וואסער=שטרודעל א. ד. ג.;
א הענגענדע ציערונגס=שטיק.

gir′asol *n.* (דזשיר′-ע-סאל) דער פייער=
אפאל [אזא בלויליכער עדעלשטיין מיט א
רויטליכען אבגלאנץ].

gir′asole *n.* (דזשיר′-ע-סאול) ז. ***girasol***

gird *v. and n.* (גוירד) ארומגארטלען;
אנגורטען; ארומרינגלען; אבלאכען, אב=
שפאטען, חוזק מאכען; שפאט, חוזק; א
שטאך=ווארט.

gir′der *n.* (גויר′-דער) א קווער=באלקען,
א בינד=באלקען, א טראג=באלקען [ביי גע=
ביידען]; א חוזק=מאכער, אן אבלאכער;
א סאטיריקער.

gir′der-bridge *n.* (גויר′-דער-ברידזש)
א באלקען=בריק [א בריק וואס ווערט גע=
שטיצט פון טראג=באלקענס].

gir′der-rail *n.* (גויר′-דער-רייל) א
שטראסען=באהן רעלסע [שינע].

gir′ding *n. and a.* (גויר′-דינג) דאס
ארומגארטלען; דאס איינוויקלען [ווי אין
קליידער]; חוזק מאכענדיג, אבלאכענדיג;
סארקאסטיש.

gir′ding-beam *n.* (גויר′-דינג-ביעם)
א קווער=באלקען, א בינד=באלקען, א טראג=
באלקען.

gir′dle *n. and v.* (גויר′דל) א גארטעל,
א גורט; אן ארומקרייזונג; ארומגארט=
לען; ארומרינגלען, ארומקרייזען; מאכען
א קרייז=ליניע.

gir′dler *n.* (גויר′-דלער) א גארטעל=מא=
כער.

gird one's self (גוירד הוואנז סעלף)
זיך פערגארטלען, זיך פארטיג מאכען צו
דער רייזע; זיך צוגרייטען צו עטוואס;
זיך אונטערגארטלען [זיך אננעהמען מיט
כח, זיך אנשטרענגען].

gird up one's loins (גוירד אפ הוואנז
לאינז) אנגורטען די לענדען [זיך פארטיג
מאכען צום קאמפף, זיך גרייטען צו דער
ארבייט].

girl *n.* (גוירל) א מיידעל; א דיענסט=
מיידעל.

girl′hood *n.* (גוירל′-הוד) מיידעלשאפט,
מיידעלשע יאהרען.

gir′lish *a.* (גויר′-ליש) מיידעלש, וואס
איז שייך צו א מיידעל.

gir′lishly *adv.* (גויר′-ליש-לי) אויף א
מיידעלשען שטייגער.

gir′lishness *n.* (גויר′-ליש-נעס) מיי=
דעלשקייט.

girl of the town (גוירל אוו טהי טאון)
א גאסען=מיידעל.

Gironde′ *n.* (דזשי-ראנד′) די זשיראנ=
דיסטען=פארטיי, די מעסיגע רעפובליקאני=
שע פארטיי, וועלכע האט נעקעמפפט געגען
די יאקאבינער [די עקסטרעמע ראדיקא=
לען] אין דער גרויסער פראנצויזישער
רעוואלוציאן צום סוף פון 18טען יאהרהונ=
דערט.

Giron′din *n.* (דזשי-ראנ′-דין)
ז. ***Girondist***

Giron′dist *n.* (דזשי-ראנ′-דיסט) א זשי=
ראנדיסט, א מיטגליעד פון דער זשיראנ=
דיסטישער פארטיי אין פראנקרייך אין
דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן.
ז. ***Gironde***

gir′rock *n.* (גיר′-אק) דער הארן=העכט
[אזא פיש].

girt *v., a. and n.* (גוירט) אומגורטען,
אומגארטלען; אומגעגארטעלט; ביי וועל=
כער די שטריק פון אנקער זיינען שטייף
אנגעצויגען [ווענען א שיף אין ים]; אן
ארומגורטונג, ארומרינגלונג; א גארטעל.

girth *n. and v.* (גוירטה) א פאדפרוהע
אדער זאטעל=גארטעל; די ארומרינגלונג;
א פאס א. ד. ג. וואס רינגעלט ארום א
קערפער אדער פיגור; אומגארטלען א
פערד מיט א פאדפרוהע אדער זאטעל=
גארטעל.

girt′-line *n.* (גוירט′-לאין) א שטריק
אויף א רעדעל ארויפצוציהען אדער ארונ=
טערצולאזען משא אויף א שיף.

gist *n.* (דזשיסט) דער עצם, דער הויפט=
פונקט, די תמצית פון א זאך.

git! *int.* (גיט) ריהר זיך! טראג זיך
אב! ארויס פון דאנען!

git′tern *n. and v.* (גיט′-ערן) א ציטרע
[אן אלטפרענקישער מוזיקאלישער אינ=
סטרומענט עהנליך צו א גיטארע]; שפיע=
לען אויף א ציטרע.

give *v. and n.* (גיוו) געבען, אבגעבען, אי=
בערגעבען, צוגעבען; שענקען; פערטיילען,
מיטטיילען; ארויסברייגען; פערארורזאכען;
מאכען מעגליך; נאכגעבען, נאכלאזען; זיך
איבערגעבען; ווייכען; נאכגעבינקייט,
בויגזאמקייט, דאס לאזען זיך בויגען.

give a back (גיוו ע בעק) אויסבויגען
דעם רוקען און שטעהן איינגעבויגענער=
הייד, אום צו לאזען דעם, וואס שטעהט
הינטען, ער זאל קענען אריבערשפרינגען
[ביי געוויסע שפיעלען].

give a black eye (גיוו ע בלעק אי)
"מאכען בלויע לאמטערנעס", אונטערשלא=
גען די אויגען.

give a bone to pick (גיוו ע באון טו
פיק) געפינען פאר איינעם בעשעפטיגונג,
געבען פרנסה; פערשטאפען איינעם דעם
האלז; אנמאכען איבעריגע דאגות.

give a call (גיוו ע קאהל) קומען צו
גאסט, בעזוכען.

give a cast (גיוו ע קעסט) געבען א פּראָבע.
give a chal'lenge (גיוו ע טשעל'-ענדזש) אַרויסרופען איינעם אויף א דועל, דיספּוט א. ד. ג.
give a fall (גיוו ע פאָהל) אַנידערוואַרפען, אומשליידערען.
give a glance (גיוו ע גלענס) א קוק טהאָן, וואַרפען א בליק.
give a guess (גיוו ע געס) טרעפען.
give alarm' (גיוו ע-לאַרם') מאַכען א טרעוואָגע.
give a lead (גיוו ע ליעד) רייטען פאָרויס [ביי יאַגד]; געבען א פאָרצוג [אין א וועט-קאַמפּף א. ד. ג.].
give a lick and prom'ise (גיוו ע ליק ענד פּראָמ'-איס) טהאָן א האַלבע אַרבייט.
give a lift (גיוו ע ליפט) אויסהעלפען, שטעלען אויף די פיס.
give a look to (גיוו ע לוק טו) אַכטונג געבען אויף עפּעס אָדער אימעצען.
give an air'ing (גיוו ען עהר'-אינג) פיהרען שפּאַציערען; דורכרייטען; דורכלופטערען.
give'-and-take' *n. and a.* (גיוו'-ענד-טייק') דאָס געבען און נעהמען אויף גלייכע בעדינגונגען; געגענזייטיגע הנחות; געגענזייטיגע טוישונג פון אידעען, זיטען א. ד. ג.; וואָס כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם גייסט אָדער פאָדערונג פון געבען און נעהמען אויף גלייכע בעדינגונגען.
give an im'pulse (גיוו ען אימ'-פּאַלס) אויפרעגען אימעצען צו עפּעס, גיבען אן אַנשטויס.
give an in'sight in'to (גיוו ען אינ'-סאַיט אינ'-טו) אויפדעקען אָדער ענטפּלעקען עפּעס פאַר אימעצען.
give an opin'ion (גיוו ען א-פּינ'-יאָן) אַרויסזאָגען א מיינונג.
give a rea'ding (גיוו ע ריע'-דינג) פאָרלעזען.
give a sen'tence (גיוו ע סענ'-טענס) משפּט'ען; אַרויסזאָגען אן אורטייל.
give a shock (גיוו ע שאַק) אויפטרייסלען, אויפרודערען אימעצען [מיט אן אונערוואַרטעטער בשורה, מיט אן אונערוואַרטעטען קלאַפּ].
give a sigh (גיוו ע סאַי) א זיפץ טהאָן.
give a song (גיוו ע סאָנג) עפּעס פאָרזינגען.
give a spread (גיוו ע ספּרעד) אויפנעהמען געסט.
give a stare (גיוו ע סטעהר) אויסשטעלען א פּאָר אויגען [אויף אימעצען אָדער עטוואָס].
give a start (גיוו ע סטאַרט) געבען א שטויס; גיבען אן אַנשטויס; ברענגען אין בעוועגונג.
give atten'tion (גיוו ע-טענ'-שאַן) אויפמערקזאַם זיין, ווענדען די אויפמערקזאַמקייט.
Why do you not **give** me your attention?
give au'dience to one (גיוו אָה'-די-ענס טו וואַן) אימעצען אויסהערען.
give a vis'it (גיוו ע וויז'-איט) קומען צו גאַסט צו אימעצען.
give away' (גיוו ע-וועי') אַוועקגעבען, איבערגעבען; אַרויסגעבען [א סוד]; מאַכען וויסען פאַר אַלעמען.
give a wide berth (גיוו ע וואַיד בוירטה) אויסמיידען.
give bat'tle (גיוו בעט'ל) געבען א שלאַכט.
give begin'ning to (גיוו'-בי-גינ'-אינג טו) מאַכען א התחלה פון עפּעס.
give birth (גיוו בוירטה) געבעהרען, אַרויסברייננען; זיין די אורזאַכע אָדער דער אָנהויב פון עפּעס.
give but'ter (גיוו באַט'-ער) מאַכען קאָמפּלימענטען.
give cheer (גיוו טשיער) צוגעבען מוטה, ערמונטערען.
give con'tent (גיוו קאָנ'-טענט) געבען אן אינהאַלט.
The addition of this short paragraph will **give content** to the entire address.
give content' (גיוו קאָנ-טענט') בעפרידיגען.
Wealth too often fails to **give content.**
give cred'it (גיוו קרעד'-איט) 1. געבען קרעדיט, טרויען [אין מסחר]; 2. גלויבען; 3. אנערקענען.
1. I shall **give** your friend **credit**. 2. I **give** full **credit** to his statement. 3. **Give** me **credit** for patience.
give direc'tions (גיוו די-רעק'-שאַנז) געבען אינסטרוקציעס, זאָגען וואָס מען דאַרף טהאָן.
give distaste' (גיוו דיס-טייסט') אַרויסרופען אן עקעל.
give ear (גיוו איער) זיך איינהערען, זיך צוהערען מיט קאָפּ.
give fear (גיוו פיער) אַנשרעקען, סטראַשען.
give forth (גיוו פאָורטה) אַרויסגעבען, פערעפענטליכען; דערצעהלען פאַר אַלעמען.
give ground (גיוו גראַונד) 1. אָבטרעטען פאַר'ן שונא; אונטערגעבען זיך; 2. געבען א גרונט אָדער א מעגליכקייט פאַר עפּעס.
2. His attitude towards me **gives ground** for suspicion.
give heed (גיוו היעד) זיך היטען; אויפמערקזאַם זיין, זיך צוהערען.
Give heed to his advice.
give in (גיוו אין) עפענטליך ערקלערען; מאַכען וויסען; מסכים זיין.
give in pledge (גיוו אין פּלעדזש) פערמשכּונ'ען.
give in'to cus'tody (גיוו אינ'-טו קאַס'-טאָ-די) לאָזען אַרעסטירען.
give joy (גיוו דזשאָי) דערפרעהען מיט עפּעס.
give judg'ment (גיוו דזשאַדזש'-מענט) משפּט'ען, אורטיילען, אַרויסזאָגען א מיינונג.
give leave (גיוו ליעוו) ערלויבען; געבען אורלויב [וואַקאַציע].
give leg bail (גיוו לעג בייל) געבען א פוס-משכּון [א הומאָריסטישער אויסדרוק וועגען אַנטלויפען פון טורמע].
give line to (גיוו לאַין טו) געבען איינעם א געלעגענהייט.
give me (גיוו מי) איך וואָלט בעסער וועלען.
Give me the good old times.
giv'en (גיוון) געגעבען; אָבגעגעבען. ז. *give*.
give no'tice (גיוו נאָו'-טיס) לאָזען וויסען.
giv'en part (גיוון פּאַרט) אין מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען — א באַס אָדער אַנדער שטימע, וועלכע דיענט ביים זינגען אָדער שפּיעלען א מעלאָדיע אַלס דער באַזיס פון הארמאָניע.
giv'en to (גיוון טו) איבערגעגעבען, וואָס האָט א חשק צו עפּעס.
He is **given to** drinking.
giv'en to his bel'ly (גיוון טו היז בעל'-אי) א גע'שמד'טער האָלז.
give off (גיוו אָף) אַרויסגעבען אָדער אַרויסלאָזען פון זיך.
The fire **gave off** a dense smoke.
give offense' (גיוו א-פענס') פערשאַפען איינעם אן אונאַנגענעהמליכקייט.
give one fits (גיוו וואַן פיטס) אַנפאַלען אויף אימעצען, געבען איהם א "פאַרציע" פאַר עפּעס.
give one's com'pliments (גיוו וואַנז קאָמ'-פּלי-מענטס) גריסען; איבערגעבען א גרוס.
Give my **compliments** to your folk.
give one's love (גיוו וואַנז לאַוו) הערצליך לאָזען גריסען.
Give my **love** to your family.
give one's mind to (גיוו וואַנז מאַינד טו) זיך איבערגעבען צו עפּעס, האָבען א לייַדענשאַפט צו אימעצען אָדער עפּעס.
He **gave** his **mind** to mathematics.
give one's respects' (גיוו וואַנז רי-ספּעקטס') גריסען; איבערגעבען א גרוס.
Give my **respects** to your sister.
give one the mit'ten (גיוו וואַן טהי מיטן) ענטזאָגען צו הייראַטען.
give or'ders (גיוו אָר'-דערז) געבען אינסטרוקציעס, בעפעהלען.
The captain **gave** the **orders.**
give out (גיוו אויט) אַרויסגעבען; פערעפענטליכען; ענטזאָגען זיך; אָבטרעטען; אָבלאָזען.
give o'ver (גיוו אָו'-ווער) אָבזאָגען זיך פון עפּעס; אויפגעבען אַלע האָפנונגען; זיך מיאש זיין; אויפהערען; פּרוּוואַרפען.
give place (גיוו פּלייס) מאַכען אָרט; נאָכגעבען; מאַכען א וועג.
give posses'sion (גיוו פּאָ-זעש'-אָן) איבערגעבען אונטער אן אַנדערענס קאָנטראָל אָדער בעזיץ.
give pray'ers (גיוו פּרעהרז) תּפלה טהאָן, דאַווענען אויף א קול.
giv'er *n.* (גיוו'-ער) א געבער, א נדבן.
give rise (גיוו ראַיז) לאָזען פון זיך עטוויקלען; זיין די אורזאַכע פון עפּעס.
give room (גיוו רוהם) אויסווייכען; לאָזען דעם פּלאַץ; געבען איינעם א געלעגענהייט.
give the boots (גיוו טהי בוטס) פּייניגען איינעם ער זאָל זיך מודה זיין; לעכערליך מאַכען.
give the law (גיוו טהי לאָה) מאַכען געזעצען.
give the lie (גיוו טהי לאַי) בעווייזען יענעמס ליגען, צונאָגלען אַלס ליגנער.
give the mit'ten (גיוו טהי מיטן) ווייזען איינעם די טהיר, ענטזאָגען זיך צו הייראַטען מיט איהם.
give the pass (גיוו טהי פּעס) לאָזען דורכגעהן.
give the rein (גיוו טהי ריין) אָבלאָזען די לייצעס [לאָזען טהאָן וואָס מען וויל].
give the slip (גיוו טהי סליפּ) זיך פון איינעם אַרויסדרעהען.
give up (גיוו אַפּ) אונטערגעבען זיך; מיאש זיין זיך; ענטזאָגען זיך פון עפּעס; פערליערען די האָפנונג צו דערגרייכען עפּעס.
give up the ghost (גיוו אַפּ טהי גאָוסט) נפטר ווערען, שטאַרבען.
give war'ning (גיוו וואָאהר'-נינג) מזהיר זיין, וואָרענען, קינדיגען.
give way (גיוו וועי) נאָכגעבען; ווייכער ווערען [וועגען א מענשען]; בויגען זיך; פּלאַצען; פאַנאַנדערפאַלען.
giv'ing *n.* (גיוו'-אינג) דאָס געבען; די גאַבע

giz'zard *n.* (גיז'-ארד) דער פופעק, דער מאגען פון אן עוף אדער אינזעקט.

G. L. *Grand Lodge* ראשי תבות פון

gla'brous *a.* (גליי'-בראס) גלאט; אהן האר, קאהל.

glacé' *a.* (גלע-סיי') פערפרארען; גלאנציג [ווי אייז].

gla'cial *a.* (גליי'-שיעל) אייזיג, געפרארען; וואס האט א קאלטען אייזיגען אויסזעהן; אין געאלאגיע — וואס איז שייך צו דער אייז-פעריאדע. ז. *glacial epoch*

gla'cial ep'och (גליי'-שיעל עפ'-אק) די אייז-צייט, די אייז-פעריאדע [די פעריאדע אין דער געשיכטע פון דער ערד, ווען — לויט דער מיינונג פון געאלאגען — אן אייז-שיכט האט בעדעקט געוויסע טיילען פון דעם ערד-קוגעל].

gla'cialist *n.* (גליי'-שיעל-איסט) איינער וואס ערקלערט געוויסע געאלאגישע ערשיינונגען דורך דער טעאריע פון אן אייז-פעריאדע. ז. *glacial epoch*

gla'cially *adv.* (גליי'-שיעל-אי) אייזיג; פראסטיג.

gla'cial pe'riod (גליי'-שיעל פי'-רי-אד) די אייז-פעריאדע, די אייז-צייט. ז. *glacial epoch*

gla'cial the'ory (גליי'-שיעל טהי'-א-רי) די גלעטשער-טעאריע, די טעאריע וועגען דער אייז-צייט, לויט וועלכער געוויסע טיילען פון ערד-קוגעל זיינען בעדעקט געווארען מיט אן אייז-שיכט דורך דער בעוועגונג פון גלעטשערס [אייז-מאסען אויף בערג].

gla'ciate *v.* (גליי'-שי-אייט) פערפרירען; ווערען צו אייז; בעדעקען מיט אייז; צוגעבען אן אייזיגען אדער פראסטיגען אויסזעהן.

gla'ciated *a.* (גליי'-שי-איי-טעד) בעדעקט מיט אייז.

glacia'tion *n.* (גליי-שי-איי'-שאן) דאס פרירען, דאס פערפרארען ווערען; אייז.

gla'cier *n.* (גליי'-שיער) א גלעטשער [אן אייז-מאסע, וואס בילדעט זיך פון די צונויפגעפרעסטע שנעע-מאסען, וועלכע זאמלען זיך אן אויף די שפיצען פון הויכע בערג].

Glacier

glacière' *n.* (גלעס-אי-עהר') אן אייז-הויל.

gla'cieret *n.* (גליי'-שיער-עט) א קליינער שיכט פון אייז, וואס ליעגט אונטער דעם שנעע אויף די שפיצען פון די קארדילערען [די לאנגע וועסט-אמעריקאנישע קייט פון בערג] און זעהט זיך ארויס אין א טרוקענער ווארימער צייט, בעת דער שנעע צוגעהט.

gla'cio-a'queous *a.* (גליי'-שיאו-איי'-קהווי-אס) וואס איז שייך צו דער פעראייניגטער ווירקונג פון אייז מיט וואסער.

glaciol'ogy *n.* (גליי-שי-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער אויסבילדונג און ווירקונג פון גלעטשערס. ז. *glacier*

gla'cis *n.* (גליי'-סיס) א משופע'דיגע פלעכע, א שטח וואס לויפט בארג אראב; אין פעסטונגען — דער גלאסים [א משופע'דיגער וואל פון ערד, וועלכער בעדעקט פון שונא דעם גראבען ארום דער פעסטונג].

glad *a.* (גלעד) פרעהליך; צופריעדען; שיינענד, גלענצענד; מיט א פרעהליכען אויסזעהן; וואס געפעלט, וואס גיט צופריעדענהייט.

glad'den *v.* (גלעדן) ערפרעהען; געפעלען זיין; דערפרעהט ווערען.

glade *n.* (גלייד) אן אפענער ארט אין א וואלד [א פלאץ אין מיטען א וואלד, וועלכער איז ניט בעוואקסען מיט ביימער]; אן אפענער ארט אין א פערפרארענעם טייך אדער אזיערע [דער ארט, וועלכער איז ניט פערפרארען אדער איז בעדעקט מיט א דינעם הייטעל אייז]; א זומפיג שטיק לאנד בעוואקסען מיט גראז.

glad'iate *a.* (גלעד'-אי-אייט) וואס האט די פארם פון א שווערד.

glad'iator *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר) א גלאדיאטאר, איינער וואס פלעגט זיך שלאגען אויף לעבען און טויט מיט אנדערע גלאדיאטארס אדער מיט ווילדע חיות אין די אלט-רוימישע צירקען; א פעכטער, א פויסט-שלעגער, א באקסער [איינער וואס שלאגט זיך מיט א צווייטען אין א צירק אדער אנדערע ערטער פאר א פריז]; א דיספוטאנט.

gladiato'rial *a.* (גלעד-אי-ע-טאו'-רי-על) גלאדיאטאריש; וואס איז שייך צו די גלאדיאטארען אדער זייערע געפעכטען אין די אלט-רוימישע צירקען.

glad'iatorism *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר-איזם) גלאדיאטאריזם, באקסעריי, דאס פעכטען זיך פון צוויי אדער עטליכע פערזאנען פאר א פריז.

glad'iatorship *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר-שיפ) די לאגע אדער בעשעפטיגונג פון א גלאדיאטאר. ז. *gladiator*

glad'iole *n.* (גלעד'-אי-אול) ז. *gladiolus*

gladi'olus *n.* (גלע-דאי'—א-לאס) איינע פון די אירים-פלאנצען [א מין גראז מיט א צוויבעל-פערמיגען ווארצעל, שווערד-פערמיגע בלעטער און געלבע אדער רויטע בליטהען]; אין אנאטאמיע — דער מיטעלער טייל פון דעם ברוסט-קאסטען.

glad'ly *adv.* (גלעד'-לי) גערן; מיט פרייד; מיט פערגניגען.

The audience heard the speakers **gladly**.

glad'ness *n.* (גלעד'-נעס) פרייד, פרעהליכקייט, צופריעדענהייט.

glad'some *a.* (גלעד'-סאם) פרעהליך, צופריעדען; מיט פערגניגען; וואס ברייגנט צופריעדענהייט אדער פערגניגען.

glad'somely *adv.* (גלעד'-סאם-לי) מיט פרייד; אויף א פרעהליכער ארט.

glad'someness *n.* (גלעד'-סאם-נעס) דאס זיין ערפרעהענד, דאס ברייגנען צופריעדענהייט.

glad ti'dings (גלעד טאי'-דינגז) פרעהליכע בשורות.

glair *n. and v.* (גלעהר) דאס ווייסעל פון אן איי; א קלעפיגע פליסיגע זאך [ווי דאס ווייסעל פון אן איי]; בעשמירען מיט דעם ווייסעל פון אן איי אדער מיט אן אנדערער קלעפיגער פליסיגקייט.

glair'eous *a.* (גלעהר'-אי-אס) ווי א ווייסעל פון אן איי; קלעפיג.

glam'er *n. and v.* (גלעמ'-ער) ז. *glamor*

glam'or *n. and v.* (גלעמ'-אר) א כשוף, א צויבער; אן אילוזיאן; דאס מאכען אדער ווירקען אזוי, אז א זאך זאל זיך פארשטעלען ניט אין איהר ריכטיגען געשטאלט; פער'כשופ'ען, בעצויבערען.

glam'orous *a.* (גלעמ'-אר-אס) פער'כשופ'ט, בעצויבערט; ווי אן אילוזיאן, פארגעשטעלט ניט אין דער ריכטיגער געשטאלט.

glance *n. and v.* (גלענס) א גלאנץ, א בליאסק, א שיין; א בליק, א קוק; א בליאסק טהאן; ווארפען א בליק; דורכלויפען, לייכט בעריהרען.

glance at (גלענס עט) מרמז זיין; לייכט בעריהרען; ווארפען א בליק אויף...

glance o'ver (גלענס או'-ווער) דורכקוקען אויבערפלעכליך, דורכלויפען א זאך מיט'ן אויג.

glan'cingly *adv.* (גלענ'-סינג-לי) דורכלויפענדיג, פארבייגעהענדיג, לייכט.

gland *n.* (גלענד) אין אנאטאמיע — א דריזע [איינער פון די שוואמיגע ארגאנען אין קערפער פון א חיה אדער פלאנצע, דורך וועלכע עס ווערען אבגעזונדערט פייכטקייטען]; אין א דאמפף-מאשין — דאס שטאפ-קעסטעל [א צילינדער-פערמיג קעסטעל צוגעפעסטיגט צום דאמפף-צילינדער, דורך וועלכען עס געהט דורך דער קאלבען-שטאנג. דיעזעס קעסטעל איז פעסט אנגעשטאפט מיט א געוויסען מאטעריאל, כדי ניט ארויסצולאזען פון דאמפף-צילינדער דעם דאמפף].

glan'der *v.* (גלענ'-דער) אנשטעקען מיט דרוזע [אזא פערד-קראנקהייט].

glan'ders *n.* (גלענ'-דערז) די דרוזע [א מין אנשטעקיגע פערד-קראנקהייט].

glandif'erous *a.* (גלענ-דיפ'-ער-אס) אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע ניסלעך].

glan'diform *a.* (גלענ'-די-פארם) ווי א דריזע; אין דער פארם פון אן אייכעל [חזיר'שען נוס]. ז. *gland*

glan'dular *a.* (גלענ'-דיו-לער) וואס איז שייך צו א דריזע [ז. *gland*]; אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע ניס].

glandula'tion *n.* (גלענ-דיו-ליי'-שאן) די אויסבילדונגען פון די ארגאנען ביי א פלאנצע, דורך וועלכע עס ווערען אבגעזונדערט פייכטקייטען.

glan'dule *n.* (גלענ'-דיול) א קליינע דריזע. ז. *gland*

glandulif'erous *a.* (גלענ-דיו-ליפ'-ע-ראס) אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע ניסלעך].

glan'dulose *a.* (גלענ'-דיו-לאוס) ז. *glandular*

glan'dulous *a.* (גלענ'-דיו-לאס) ז. *glandular*

glans *n.* (גלענז) אן אייכעל [חזיר'שער נוס]; אין אנאטאמיע — א דריזע. ז. *gland*

glare *v., n. and a.* (גלעהר) שטארק שיינען אדער לייכטען; בלענדען; קוקען ווילד אדער דורכדרינגענד; גלאצען מיט די אויגען; זיין אויסערגעוועהנליך שיינענד, גלענצענד אדער בלענדענד; בלענדונג; שטארקער גלאנץ אדער שיין; א שארפער, דורכדרינגענדער בליק; א שטרענגע בעדעקט מיט אייז; גלאט, גליטשיג; דורכזיכטיג, גלעזערדיג.

glare'-ice *n.* (גלעהר'-אייס) העל־גלאנציג און דורכזיכטיג אייז.

glar'iness *n.* (גלעהר'-אי-נעס) דאס זיין פינקלענד, גלאנציג, גלענצענד, העל אדער בלענדענד.

glar'ing *a.* (גלעהר'-אינג) העל, גלענצענד, בלענדענד; גלאצענד מיט די אויגען, קוקענדיג ווילד און דורכדרינגענד; אפען, קלאר; דרייסט; אונפערשעמט.

glar'ingly *adv.* (גלעהר'-אינג-לי) אויף א בלענדענדען שטייגער; אויף אן אפענעם, קלארען אופן; מיט דרייסטקייט; מיט אונפערשעמטקייט.

glar'ingness *n.* (גלעהר'-אינג-נעס) ז. ***glariness***

glar'y *a.* (גלעהר'-אי) העל, בלענדענד, גלאנצענד; בעדעקט מיט גלאנציגען אייז; בעדעקט מיט אייז.

glass *n., a. and v.* (גלעס) א גלאז; גלאז; א גלעזערנע כלי אדער אינסטרומענט געמאכט פון גלאז [ווי א זאמדזייגער, א טערמאמעטער, א באראמעטער, אפטישע אינסטרומענטען א. ד. ג.]; א שויב; א שפיגעל; געמאכט פון גלאז, גלעזערן; בעדעקען מיט גלאז, איינראהמען אין גלאז; מאכען עס זאל אויסזעהן ווי גלאז; גלאזירען, פאלירען; אבשפיגעלען; צייגען אדער זעהן אן אבשפיגלונג.

glass'-blow'er *n.* (גלעס'-בלאו'-ער) א גלאז־בלאזער [וואס בלאזט אויס גלעזערנע כלים].

glass'-blow'ing *n.* (גלעס'-בלאו'-אינג) דאס אויסבלאזען פערשידענע גלעזערנע כלים.

glass'-case *n.* (גלעס'-קייס) א שוי־קאסטען, א וויטרינע, א גלעזערנער קאסטען פאר אויסשטעלען סחורות.

glass'chord *n.* (גלעס'-קאהרד) אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט, אין וועלכען די טענער ווערען ארויסגעבראכט פון גלעזערנע שטענגלעך אדער גלעזלעך.

glass'-cloth *n.* (גלעס'-קלאטה) א האנדטוך פאר גלעזערנע און פארצעלייענע געשיר; אזא געשטרייפטער לייווענד וואס ווערט געברויכט ביים אויסנעהען; גלאזקאטון [א שטאף געוועבט פון דינע גלעזערנע פעדימלעך].

glass'-cut'ter *n.* (גלעס'-קאט'-ער) איינער אדער עטוואס וואס שניידט אדער שלייפט גלאז; אן אינסטרומענט צו שניידען גלאז.

Glass-cutter

glass'-cut'ting *n.* (גלעס'-קאט'-אינג) דאס גלאז־שניידען, דאס גלאז־שלייפען.

glass'-drop *n.* (גלעס'-דראפ) א גלעזערנע פערציערונג.

glass'-drop'per *n.* (גלעס'-דראפ'-ער) אן אויגען־שפריצער [ארייצולאזען טראפען אין די אויגען].

glass'-dust *n.* (גלעס'-דאסט) גלאז־שטויב [ווערט געברויכט צו מאכען גלאז־פאפיער צום פאלירען].

glass enam'el (גלעס ע-נעמ'-על) מאט גלאז.

glass'-engra'ving *n.* (גלעס'-ען-גריי'-ווינג) ז. ***glass-cutting***

glass'es *n.* (גלעס'-עז) ברילען.

glass'-eye *n.* (גלעס'-איי) א קינסטליך גלעזערנע אויג; גלאז־אויגען [אזא אויגען־קראנקהייט ביי פערד, ווען דער שווארצאפעל איז צוצויגען און דאס אויג האט א גלעזערנעם אויסזעהן].

glass'-eyed *a.* (גלעס'-אייד) מיט א קינסטליכען גלעזערנעם אויג; וואס האט א גלעזערנעם [פערשטארטען] בליק; וואס ליידט פון גלאז־אויג [אזא אויגען־קראנקהייט ביי פערד]. ז. ***glass-eye***

glass'-faced *a.* (גלעס'-פייסט) מיט א פנים ווי א שפיגעל [וואס טהוט נאך יענעם, וואס שפיגעלט אב אן אנדערענס געפיהלען].

glass'-foun'der *n.* (גלעס'-פאונ'-דער) א גלאז־גיסער, איינער וואס ארבייט ביי גלאז אדער מאכט גלעזערנע כלים.

glass'-frame *n.* (גלעס'-פריים) א גלעזערנער צורעק פאר פלאנצען.

glass'ful *n.* (גלעס'-פול) א גלאז אדער א גלאז־מאס [וויפיעל א גלאז קען ענטהאלטען].

glass'-fur'nace *n.* (גלעס'-פויר'-נעס) אן אויווען, וואו מען שמעלצט גלאז.

glass'-gall *n.* (גלעס'-גאהל) גלאז־שוים [א שוים וואס בעווייזט זיך אויף דער אויבערפלעכע פון דער צוזאמענגעמישטער מאסע, פון וועלכער עס בילדעט זיך גלאז].

glass'-ga'zing *n. and a.* (גלעס'-גיי'-זינג) דאס שפיגעלען זיך; זיך שפיגעלענד.

glass'-glazed *a.* (גלעס'-גלייזד) גלאזירט, בעדעקט מיט גלאז אדער ווי מיט גלאז.

glass'-glazed ware (גלעס'-גלייזד וועהר) געשיר מיט א בולט'ער גלאזור אדער גלאזירט מיט ריינעם גלאז.

glass'-grin'der *n.* (גלעס'-גראינ'-דער) א גלאז־שלייפער.

glass'-grin'ding *n.* (גלעס'-גראינ'-דינג) דאס גלאז־שלייפען.

glass'-house *n.* (גלעס'-האוס) א גלאז־פאבריק; אן אראנזשערעע, א טרייב־הויז; א צימער מיט א גלעזערנעם דאך צוגעפאסט צום פאטאגראפירען.

glass'ily *adv.* (גלעס'-אי-לי) אזוי ווי גלאז.

glass'iness *n.* (גלעס'-אי-נעס) גלאזיגקייט, דאס האבען דאס אויסזעהן אדער די אייגענשאפטען פון גלאז.

glass'-ma'ker *n.* (גלעס'-מיי'-קער) איינער וואס ארבייט ביי גלאז אדער וואס מאכט גלעזערנע כלים.

glass'-ma'ker's soap (גלעס'-מיי'-קערז סאופ) געוויסע שטאפען, וואס ווערען בענוצט פון די גלאז־מאכער צו פערטרייבען די גרינע פארב, וואס בלייבט פון די אייזען־זאלצען. ז. ***glass-soap***

glass'-ma'king *n.* (גלעס'-מיי'-קינג) גלאז־מאכעריי; גלאז־גיסעריי.

glass'man *n.* (גלעס'-מען) א גלאז־מאכער; א גלאז־הענדלער; א גלעזער [וואס שטעלט אריין שויבען]; א גלאזירער [וואס בעדעקט געשיר מיט גלאזור].

glass'-met'al *n.* (גלעס'-מעט'-על) צושמאלצענער שטאף, פון וועלכען מען מאכט גלאז.

glass'-moun'ter *n.* (גלעס'-מאונ'-טער) איינער וואס מאכט בעציערונגען אויף גלעזערנע זאכען.

glass'-ov'en *n.* (גלעס'-אוו'ן) אן אויווען, וואו גלעזערנע נור וואס פאבריצירטע זאכען ווערען ביסלעכווייז אבגעקיהלט.

glass o'ver (גלעס או'-ווער) בעדעקען מיט גלאז, איינפאסען אין גלאז.

glass'-pain'ter *n.* (גלעס'-פיינ'-טער) א גלאז־מאהלער, א מאהלער אויף גלאז; איינער וואס שטעלט צוזאמען פיגורען פון שטיקלעך קאלירט גלאז.

glass'-pain'ting *n.* (גלעס'-פיינ'-טינג) גלאז־מאהלעריי; דאס מאהלען אויף גלאז; א מאזאאיקע, א געמעהל וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך פארביג גלאז.

glass'-pa'per *n. and v.* (גלעס'-פיי'-פער) גלאז־פאפיער [געברויכט צום פאלירען, ווערט געמאכט פון גלאז־שטויב]; פאלירען מיט גלאז־פאפיער.

glass'-pot *n.* (גלעס'-פאט) א שמעלץ־טאפ פאר גלאז.

glass'pox *n.* (גלעס'-פאקס) ווינד־פאקען.

glass'-soap *n.* (גלעס'-סאופ) געוויסע פערזויערענדע שטאפען, בענוצט פון די גלאז־מאכער, כדי צו פערטרייבען די גרינע פארב, וואס די אייזען־זאלצען ברייגען מיט זיך.

glass'-tin'ner *n.* (גלעס'-טינ'-ער) דער ארבייטער וואס לעגט ארויף די צין־פאליע אויף דער הינטערשטער זייט פון'ם שפיגעגעל.

glass'-tongs *n.* (גלעס'-טאנגז) א צוואנג אין גלאז־פאבריקען, מיט וועלכען מען נעהמט אן די נאך ניט־אבגעקיהלטע גלעזערנע כלים.

glass'ware *n.* (גלעס'-הוועהר) גלאז־וואארע, גלאזווארג, גלאז־געשיר.

glass'-work *n.* (גלעס'-הוואירק) גלאז־מאכעריי; גלאזווארג.

glass'-works *n.* (גלעס'-הוואירקס) א גלאז־פאבריק.

glass'wort *n.* (גלעס'-הוואירט) גלאז־שמאלץ אדער ים־זאלצקרויט [אזא פלאנצע].

glass'y *a.* (גלעס'-אי) גלאזיג, גלעזערן.

glauces'cence *n.* (גלאה-סעס'-ענס) בלוי־גרינליכקייט [דער קאליר פון ים־וואסער].

glauces'cent *a.* (גלאה-סעס'-ענט) בלוי־ליך־גרין אדער גרינליך־בלוי [ווי ים־וואסער].

glau'cine *a.* (גלאה'-סין) ז. ***glaucescent***

glauco'ma *n.* (גלאה-קאו'-מא) גלאוקאמא, דער גרינער שטאר [א מין אויגען־קראנקהייט, וועלכע פעראורזאכט בלינדקייט].

glaucom'atous *a.* (גלאה-קאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו גלאוקאמא. ז. ***glaucoma***

glauco'sis *n.* (גלאה-קאו'-סיס) ז. ***glaucoma***

glau'cous *a.* (גלאה'-קאס) בלוי־גרין אדער גרין־בלוי [ווי ים־וואסער]; ביי פלאנצען און חיות — גרויליך־גרין אדער גרויליך־בלוי.

glaur *v.* (גלאהר) אויסשמירען; מאכען גליטשיג.

glave *n.* (גלייוו) אן אמאליגע וואפע וואס איז בעשטאנען פון א מין האק אויף א לאנגען שטעקען.

glaved *a.* (גלייווד) בעוואפענט מיט אזא געוועהר וואס בעשטעהט פון א לאנגען שטעקען מיט א האק; בעוואפענט.

glav'er *v.* (גלעוו'-ער) פלוידערען; חנפ'נען.

glaze *v. and n.* (גלייז) אנגלאזען, ארייננשטעלען שויבען, בעדעקען מיט גלאז; איבערציהען מיט גלאזור, ארויפציהען א גלאנץ; ווערען איבערגעצויגען מיט גלאזור, בעקומען א גלאנציגען אויסזעהן; אין אויל־מאהלעריי — בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פארבען־שיכט; גלאזור; פאלירטקייט, גלאנציגקייט; אין אויל־מאהלעריי — א דינע דורכזיכטיגע פארבען־שיכט אויף א בילד.

gla′zer *n.* (גליי′-זער) א גלאזירער [וואס בעדעקט געשיר מיט גלאזור]; א פאליר=ראד.

gla′zier *n.* (גליי′-זשער) א גלעזער; א גלאזירער.

gla′zing *n.* (גליי′-זינג) דאס גלאזירען, גלאזירונג; דאס אנגלאזען, דאס ארייןשטעלען שויבען; גלאז=ארבייט; שויבען; אין אויל=מאהלעריי — דאס בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פארבענשיכט.

gla′zing-cal′ender *n.* (גליי′-זינג-קעל′-ענ-דער) א פרעס, וואס מען בענוצט צו מאכען פאפיער אדער אנדערע שטאפען גלאנציג.

gla′zing-machine′ *n.* (גליי′-זינג-מע-שין′) א מאשין צו מאכען פאפיער גלאט און גלאנציג.

gleam *n.* and *v.* (גליעם) העלקייט, גלאנץ; א שיין, א שטראהל, א שימער; א בליץ, א בליצארטיגער פלעצליכער אויסברוך; שיינען, פינקלען, שטראהלען, גלאנצען; אויפבליצען, פלעצליך ערשיינען.

glea′ming *n.* (גליע′-מינג) א שימער, א שיין, א שטראהל.

glea′my *a.* (גליע′-מי) שטראהלענד, פינקלענד, שימערענד.

glean *v.* and *n.* (גליען) נאכזאמלען, זאמלען די פערבליבענע זאנגען אויף'ן פעלד; צונויפקלייבען [וויים פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; זאמלען לאנגזאם און געדולדיג; א בינטעל תבואה צונויפגעקליבען פון א נאכזאמלער; עטוואס וואס ווערט צונויפגעקליבען [וועגען ווייט=פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; נאכגעבורט, ארט, שליה [ביי הויז=טהיערע].

glea′ner *n.* (גליע′-נער) א נאכזאמלער [איינער וואס זאמעלט צונויף די איבערגעבליבענע זאנגען אויף די פעלדער]; איינער וואס זאמעלט איבערגעבליבענע אדער וויים=פאנאנדערגעווארפענע זאכען; א זאמלער; איינער וואס זאמעלט לאנגזאם און געדולדיג; א גראבליע אדער ווידלע צו כאפען אוסטריצעס.

glea′ning *n.* (גליע′-נינג) די זאמלונג פון איבערגעבליבענע אדער פאנאנדערגעווארפענע זאכען [הויפטזעכליך וועגען זאנגען]; א זאמלונג [הויפטזעכליך פון פאנאנדערגעווארפענע זאכען].

glebe *n.* (גליעב) ערד=באדען; קולטיווירטער באדען; טארף; ערד וואס ענטהאלט מינעראלען; קירכען=לאנד.

glebe′-land *n.* (גליעב′-לענד) קירכען=לאנד.

gle′bous *a.* (גליע′-באס) פול מיט טארף.

gle′by *a.* (גליע′-בי) ז. *glebous*

glede *n.* (גליעד) אזא מין שפארבער אדער קארשון [אזא רויב=פויגעל].

glee *n.* (גליע) פרייד, לוסטיגקייט; א רונד=געזאנג, א געזעלשאפט=געזאנג.

glee′-club *n.* (גליע′-קלאב) א געזאנג=פעראיין.

gleed *n.* (גליעד) א גליהענדע קויהל; א פלאם, א גלוט; א מין שפארבער [אזא רויב=פויגעל].

glee′ful *a.* (גליע′-פול) לוסטיג, פרעהליך.

glee′fully *adv.* (גליע′-פול-אי) אויף א לוסטיגען, פרעהליכען שטייגער.

gleek *n.* and *v.* (גליעק) אזא קארטען=שפיעל [פון דריי פערזאן מיט 40 קארטען]; דריי קארטען פון דעמזעלבען מין אין דיעזען שפיעל; בעקומען די אויבערהאנד אין דיעזען שפיעל.

glee′man *n.* (גליע′-מען) א זינגער; אין די אמאליגע צייטען — א וואנדערענדער זינגער.

glee′some *a.* (גליע′-סאם) פרעהליך, לוסטיג.

gleet *n.* (גליעט) אייטער, פלוס, פלאגמע [הויפטזעכליך וואס קומט פון אורין=קאנאל ביי דער וועגערישער קראנקהייט גאנארעהע אדער טריפער].

glee′ty *a.* (גליע′-טי) אייטעריג, פלוסיג. ז. *gleet*

glen *n.* (גלען) א שמאלער טהאל צווישען בערג.

gle′ne *n.* (גליע′-ניע) דאס אויג, דער שווארצאפעל; א קליינע פערטיעפונג אין וועלכער עס קומט אריין א ביין.

glib *a.* and *n.* (גליב) גליטשיג; גלאט; פליסיג, געלויפיג; א לאק האר, וואס פאלט אויף די אויגען; א מענש וואס טראגט אזא לאק האר.

glib′ly *adv.* (גליב′-לי) זיך גליטשענדיג; אויף א פליסיגען, געלויפיגען שטייגער.

glib′ness *n.* (גליב′-נעס) גליטשיגקייט; געשווינדקייט, געלויפיגקייט.

glide *v.* and *n.* (גלאיד) גליטשען, פליסען; זיך לייכט בעוועגען; אין מוזיק — איבערגעהן פון איין טאן צום צווייטען אהן אן אונטערברעכונג; דאס גליטשען, דאס שוועבען, דאס פליסען; אין מוזיק — דאס פעראייניגען צוויי טענער, וואס פאלגען איינער נאך'ן אנדערען, אהן אן אונטערברעכונג; אין טאנצען — א מין לייכטער וואלץ.

glide in′to (גלאיד אינ′-טו) זיך אריינגליטשען, אונבעמערקט איבערגעהן אין עפעס.

gli′der *n.* (גלאי′-דער) דער אדער דאס וואס גליטשט זיך.

gli′dingly *adv.* (גלאי′-דינג-לי) אויף א גליטשיגען, פליסענדען שטייגער.

glim′mer *v.* and *n.* (גלימ′-ער) גלימערען, שיינען אדער ברענען שוואך; א גלימער, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען [פון א ליכט]; גלימער [א מין שטיין וועלכער שפאלט זיך אויף דינע בלעטער וועלכע זיינען דורכזיכטיג ווי גלאז. ווערט געברויכט פאר אויווען=שייבלעך].

glim′mering *n.* (גלימ′-ער-אינג) דאס גלימערען, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען.

glim′meringly *adv.* (גלימ′-ער-אינג-לי) שימערענד, גלימערענד.

glimpse *v.* and *n.* (גלימפס) שימערען; גלימערען; בעווייזען זיך מאמענטאל און פערשווינדען;ווארפען א בליק; א קוק טהאן פארבייגעהענדיג; דער שימער, דאס גלימערען; דאס ווארפען א בליק אויף עפעס; א שוואכע פארשטעלונג וועגען עפעס.

glimpse of hope (גלימפס אוו האופ) א האפנונגס=שטראהל.

glint *v.* and *n.* (גלינט) אבשיינען; גלאנצען; שיינען; אבווארפען א שטראהל; דאס שימערען; אן אבשיין.

gli′rine *a.* (גלאי′-רין) עהנליך צו א שלאף=מויז אדער וועווערקע=מויז [ז. *dormouse*]; גריזשענד, וואס איז שייך צו גריזשענדע חיה'לעך.

glissade′ *n.* (גלי-סייד′) א גליטש, דאס גליטשען זיך; אין טאנצען — א גליטש מיט א פוס; אין מוזיק — דאס לייכט און שנעל אריבערלויפען מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען [ז. *glissando*].

glissan′do *n.* (גלי-סענ′-דאו) אין פיאנא=שפיעל — דאס איבערלויפען שנעל און לייכט מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען; דאס שנעל שפיעלען מיט איין בויגען=בעוועגונג עטליכע נאטען [אויף'ן פיעדעל].

glissaune′ *n.* (גלי-סאהן′) דער שווארצער מערלאן [אזא גרויסער שטאק=פיש]. ז. *coal-fish*

glist *n.* (גליסט) דער גלימער [א שטיין, וועלכער שפאלט זיך אויף דינע דורכזיכטיגע בלעטלעך].

glis′ten *v.* (גליסן) שטראהלען, גלענצען, שימערען.

glit′ter *v.* and *n.* (גליט′-ער) בלישטשען, גלענצען; האבען א גלאנציגען אויסזעהן, זיין גלענצענד; גלאנץ; א בלישטשענדער אויסזעהן.

glit′tering *a.* (גליט′-ער-אינג) בלישטשענד, גלענצענד.

glit′tering general′ities (גליט′-ער-אינג דזשענ-ע-רעל′-אי-טיז) קלינגענדע פראזען, הויכע מליצות.

glit′teringly *adv.* (גליט′-ער-אינג-לי) אויף א גלענצענדער ארט.

glit′tery *a.* (גליט′-ער-אי) וואס בלאנקט, וואס בלישטשעט.

gloam *n.* and *v.* (גלאום) די דעמערונג, בין=השמשות; די צייט פון אונטערגאנג; פינסטער ווערען.

gloa′ming *n.* (גלאו′-מינג) דעמערונג, דונקעלקייט, בין=השמשות; די אונטערגאנגס=צייט.

gloat *v.* (גלאוט) אויסגלאצען די אויגען; ניט ארונטערנעהמען דעם בליק; קוקען אויף עפעס מיט אן אינערליכער פרייד.

glo′bal *a.* (גלאו′-בעל) קוגעל=פערמיג; ווי א קויל; פערשפרייט איבער דער גאנצער ערד אדער וועלט; וואס איז שייך צו דער ערד אדער וועלט.

glo′bate *a.* (גלאו′-בייט) וואס האט די פארם פון א קויל; ספעריש; קיילעכדיג.

glo′bated *a.* (גלאו′-ביי-טעד) ז. *globate*

globe *n.* (גלאוב) א קויל, א קוגעל, א קיילעכדיגע זאך; די ערד; א גלאבוס [א קיילעכדיגע פיגור וואס שטעלט פאר די ערד].

Globe

globe′-am′aranth *n.* (גלאוב′-עמ′-ע-רענטה) די רויטע אימארטעלע [א פלאנצע מיט פיעל ווייסע און רויטע בלומען, וועלכע ווערען ניט פערוועלקט א לאנגע צייט נאכדעם ווי מען האט זיי אבגעריסען].

globe′-an′imal *n.* (גלאוב′-ענ′-אי-מעל) דאס קוגעלטהיער [א קליינע קוגעל=

פערמיגע פלאנצע, וועלכע מען האט אמאל געהאלטען פאר א חיה].

globed *a.* (גלאובד) קיילעכדיג, קוגעל־ארטיג.

globe'-fish *n.* (גלאוב־פיש) דער קוגעל־פיש [ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם וואס ער קען זיך אנבלאזען אזוי, אז ער זעהט אוים כמעט ווי א פאלשטענדיגער קוגעל].

Globe-fish

globe'-flow'er *n.* (גלאוב־פלאו'־ער) די קוגעל־בלום [א מין אייראפעאישע בערג־פלאנצע מיט טונקעל־געלבע בלומען].

Globe-flower

globe of the eye (גלאוב אוו טהי אי) דער אויג־אפעל.

globe'-this'tle *n.* (גלאוב'־טהיסל) דער קוגעל־דארן [א פלאנצע, וועלכע האט שטעכיגע בלעטער און קוגעל־פערמיגע בליטהען, וואקסט אין די געגענדען פון מי־טעללענדישען ים].

Globe-thistle

good liv'er (גוד ליוו'-ער) איינער וואס לעבט א גוטען טאג; אן ארענטליכער, טו=גענדהאפטער מענש.
His expenses are very large because he is a **good liver.**

good liv'ing (גוד ליוו'-אינג) 1. א פיין לעבען [דאס האבען גענוג חיונה]; 2. דאס לעבען א גוטען טאג; וואוילטאג; 3. אן ארענטליך, טוגענדהאפט לעבען.
1. His writings bring him a **good living.** 2 **Good living** leads to long living.

good'-look'ing *a.* (גוד'-לוק'-אינג) פון א שעהנעם אויסזעהן; שעהן.
What a **good-looking** child!

good looks (גוד לוקס) א שעהנע צורה, א שעהן פנים.

good'ly *a.* (גוד'-לי) שעהן, חנ'עוודיג, אנגענעהם; פון גוטען אויסזעהן; בעדיי=טענד, צימליך גרויס, צימליך פיעל.

good'man *n.* (גוד'-מען) א בעל=הבית, א הויז=פאטער; הערר.

good man'ners (גוד מענ'-ערז) גוטע זיטען, פיינע מאניערען.

good mind (גוד מאינד) א שטארקער חשק.
I have a **good mind** to leave on Monday.

good'-min'ded *a.* (גוד'-מאינ'-דעד) ליעבענסווירדיג.

good'-mor'ning *n.* (גוד'-מאר'-נינג) א גוטער מארגען.

good mor'ning (גוד מאר'-נינג) גוט מארגען! [אלס בעגריסונג].

good-mor'row *n.* (גוד מאר'-או) ז. *good-morning.*

good name (גוד ניים) א פיינע רעפוטא=ציע, א גוטער נאמען.

good'-na'tured *a.* (גוד'-ניי'-טשורד) גוטהערציג; גוטמוטיג; פון א גוטען כא=ראקטער.

good'-na'turedly *adv.* (גוד'-ניי'-טשורד-לי) מיט א גוטען כאראקטער; גוט=הערציג, גוטמוטיג.

good'-na'turedness *n.* (גוד'-ניי'-טשורד-נעס) גוטמוטיגקייט, גוטהערציג=קייט; דאס זיין פון גוטען כאראקטער.

good'ness *n.* (גוד'-נעס) גוטסקייט; מילדקייט, פריינדליכקייט.

good night (גוד נאיט) גוטע נאכט [אלס בעגריסונג].

good'-night *n.* (גוד'-נאיט) א גוטע נאכט!

good now! (גוד נאו) נו גוט! שוין גוט!

good run (גוד ראן) ערפאלג.
The play had a **good run.**

goods *n.* (גודז) סחורה; וואארע; מטלטלין.

goods and chat'tels (גודז ענד טשעט'-עלז) האב און גוט [אויסער אונבעוועגלי=כע גיטער].

goods'-car'riage *n.* (גודז'-קער'-אידזש) א וואגען פאר סחורות, א לאסט=וואגען.

good speed (גוד ספיעד) גוט גליק; גו=טער ערפאלג; מיט גליק!

goods'-shed *n.* (גודז'-שעד) א לאגער פאר סחורות אויף אן אייזענבאהן=סטאנ=ציע אדער אין א האפען.

good step (גוד סטעפ) א ריכטיגער שריט; א פיינער מהלך.

goods'-train *n.* (גודז'-טריין) א פראכט=צוג.

goods'-truck *n.* (גודז'-טראק) א פראכט=וואגאן [פון אן אייזענבאהן].

good stuff (גוד סטאף) א גוט שטיקעל סחורה; די ריכטיגע סחורה.

goods'-wag'on *n.* (גודז'-וועג'-אן) ז. *goods-truck.*

good tem'per (גוד טעמ'-פער) א רוהי=גער טעמפעראמענט; א גוטער כאראקטער; א רוהיגע, מילדע אדער געלאסענע נאטור.

good'-tem'pered *a.* (גוד'-טעמ'-פערד) גוטמוטיג; פון רוהיגען טעמפעראמענט; געלאסען.

good while (גוד הוואיל) א רעכט לאנגע צייט.

good'wife *n.* (גוד'-הוואיף) א בעל=הבית'טע, א הויז=פרוי.

good wig'ging (גוד הוויג'-אינג) א פארציע מוסר, א שטארקע מוסר'דיגע דרשה.

good'-will *n.* (גוד'-הוויל) 1. א גוטער וואונש; א טובה, א פריינדשאפט; 2. דער ווערטה פון א געשעפטס=פירמע, וואס ווערט גערעכענט העכער ווי דער ווערטה פון די סחורות און דאס אריינגעלעגטע געלד [דער ווערטה פון דער פירמע'ס פאפולא=ריטעט]; אבטרעט=געלד פאר א געשעפטס=פלאץ.
2. He sold out his business, **good-will** and all.

good'y *a. and n.* (גוד'-אי) צוקראכען; פרום; צוקראכען גוט אדער עהרליך; א צוקראכענער גוטער מענש; אן אלטעטש=קע, א באבעלע; א קאנפעקטעל.

good'y-good *a.* (גוד'-אי-גוד) צוקרא=כען פרום אדער גוט.

good'y-good'y *a.* (גוד'-אי-גוד'-אי) ז. *goody-good.*

good'y-good'yism *n.* (גוד'-אי-גוד'-אי-איזם) צוקראכענע פרומקייט, צוקראכע=נע גוטסקייט.

go off (גאו אף) אבגעהן, אוועקגעהן; שטארבען; עקספלאדירען, אויסשיסען [ווי פון א ביקס]; זיך פאנאנדערגעהן, זיך פערקויפען; אנגעהן, דורכגעהן; זיין א פערפאלענער [דורך שלעכטער אויפפיה=רונג].

go off at half cock (גאו אף עט האף קאק) אויסשיסען אונערווארטעט [ווענען א שיס=געוועהר]; האנדלען אונאיבערלעגט.

go off the stage (גאו אף טהי סטיידזש) אוועקגעהן פון דער ביהנע, ווערען אויס אקטיאר; אראבגעהן פון דער סצענע, אויפ=הערען צו שפיעלען א ראלע; זיך אבטרא=גען פון דער וועלט, שטארבען.

go on (גאו אן) געהן ווייטער אדער פאר=ווערטס; פארטזעצען; פראגרעסירען; זיך אנטהאן, זיך צופאסען [ווענען א קלייד]; אויפפיהרען זיך.
Let me **go on** with my work.

go one bet'ter (גאו וואן בעט'-ער) אריבערשטייגען אין וועטען [אננעהמען איינעמס א וועט און פארשלאגען דעם וועט צו העכערען]; אריבערשטייגען.

go one's way (גאו וואנז וועי) געהן ווייטער, פארטזעצען דעם וועג; געהן מיט דעם איינענעם וועג [ניט נאכטאנצען אנ=דערע].

go on horse'back (גאו אן האהרס'-בעק) רייטען אויף א פערד.

go on ill (גאו אן איל) ווייניג ערפאלג האבען.

go on the high'way (גאו אן טהי

האי'-הוויי) ווערען א וועגגזלן אדער א גאסען־רויבער.

go on the stage (גאו אן טהי סטיידזש) געהן אויף דער ביהנע, ווערען אן אקטיאר.

go on the town (גאו אן טהי טאון) ווערען א גאסען־פרוי.

goo'roo *n.* (גוה'-רוה) אין אסט־אינדיען — א גורו [א גייסטליכער וואס שפּיעלט די ראָלע פון אן ערציהער און בעל־יועץ].

goosan'der *n.* (גו-סענ'-דער) דער קאָלבען־טויכער [א מין ווילדע קאטשקע].

goose *n. and v.* (גוהס) א גאנז; א נאר, א שוטה; א שניידער'ס פּרעס־אייזען; דאס גאנז־שפּיעל [א מין שפּיעל אין ענגלאנד]; אויספייפען, פערגאגאטשען איינעם.

goose'beak *n.* (גוהס'-ביעק) ז. *dolphin*

goose'berry *n. and a.* (גוהז'-בער-אי) אן אגרעס [א פרוכט]; וואס איז שייך צו אגרעסען; געמאכט פון אגרעסען.

goose'berry-eyed *a.* (גוהז'-בער-אי-איד) וואס האט מאטע, טונקעלע אויגען.

goose'berry-eyes *n.* (גוהז'-בער-אי-איז) מאטע, טונקעלע אויגען.

goose'berry fool (גוהז'-בער'-אי פוהל) א געריכט פון אגרעסען, מילך און צוקער; א נארישער פראנט.

goose'-corn *n.* (גוהס'-קאהרן) בימזען־גראז.

goose'-egg *n.* (גוהס'-עג) א נול אלס צייכען פון א פעהלער.

goose'-flesh *n.* (גוהס'-פלעש) גענזען־הויט [א שארסטקע הויט, ווי די הויט פון אן אבגעפליקטער גאנז, וועלכע ווערט ביים מענשען פון קעלט, שרעק א. ד. ג.].

goose'foot *n.* (גוהס'-פוט) די גענזענפוס [א מין פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער זעהען אויס ווי פיסלעך פון גענז].

goose'-grass *n.* (גוהס'-גרעס) קלעבקרויט [א מין גראז מיט דינינקע בלעטלעך און קליינע ווייסע און גרינע בליטהען].

goose hangs high (גוהס הענגז האי) די אויססיכטען אויף דער צוקונפט זיינען גלענצענד; עס זיינען דא גוטע האפנונגען.

goose'neck *n.* (גוהס'-נעק) א מאשינען־טייל, א האטשיק אדער וועלכע עס איז מעכאנישע פארריכטונג וואס איז אויסגעבויגען ווי דאס העלזעל פון א גאנז.

goose'-pim'ples *n.* (גוהס'-פּימפּלז) די קנייטשען אויף גענזען־הויט. ז. *goose-flesh*

goose'-quill *n.* (גוהס'-קהוויל) א גענזענע פעדער.

goose'-skin *n.* (גוהס'-סקין) די הויט פון א גאנז; אזא זארט דינער לעדער וואס איז עהנליך צו גענזען־הויט; א שארסטקע הויט [ווי די הויט פון א גאנז], וועלכע ווערט פון קעלט אדער פון שרעק.

goose'-step *n.* (גוהס'-סטעפּ) דאס טאפּטשען זיך אויף איין ארט [וועגען מיליטער, ווען עס ווערט אבגעקלאפּט דער מארש־טאקט אויף איין ארט].

goose'tongue *n.* (גוהס'-טאנג) דער ניסווארצעל [אזא מין גראז וואס זיין שטויב רייצט זעהר שטארק די נאז און רופט ארויס ניסען]; אזא ניפטיגע פלאנצע וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין.

goose'-wing *n.* (גוהס'-הווינג) א פליגעל פון א גאנז; דער ווינקעל פון א זעגעל.

goos'ey *a. and n.* (גוהס'-אי) עהנליך צו א גאנז; נאריש, לעכערליך; א גענזעל; א דומקאפּ.

goos'iness *n.* (גוהס'-אי-נעס) דאס זיין ווי א גאנז.

goos'y *a.* (גוהס'-אי) עהנליך צו א גאנז; נאריש, לעכערליך.

go out (גאו אוט) ארויסגעהן פון עפּעס; אויסגעהן; פערלאשען ווערען; ארויסטרעטען אין געזעלשאפט [אויף בעלער א. ד. ג.]; פיהלען א ליעבע אדער סימפּאטיע; ארויסטרעטען אין קאמפּף.

go out of one's mind (גאו אוט אוו הוואנז מאינד) ווערען אויסער זיך, פון די כלים ארויסגעהן; משוגע ווערען; ארוים פון זינען, פערגעסען.

go out of one's way (גאו אוט אוו הוואנז הוויי) פערבלאנדזשען, אראבגעהן פון וועג; אנלעגען וועג.

go o'ver (גאו או'-ווער) אריבערגעהן, אריבערפאהרען; דורכגעהן דורך עפּעס; אריבערגעהן אויף דער אנדערער זייט [אין שונא'ס לאגער, צו א געגנערישער אידעע א. ד. ג.]; איבערקוקען, איבערלעזען, דורכשטודירען.

G. O. P. ראשי תבות פון די ווערטער *Grand Old Party*

go'pher *n. and v.* (גאו'-פער) א מין אמעריקאנישער קראט, וואס גראבט זיך אין דער ערד; א נארד־אמעריקאנישער גריזון וואס איז עהנליך צו א גרויסען ראץ; א מין שלאנג; א קוכען פון שיטערען טייג, א וואפעל; אנהויבען גראבען א שאכטע אויף ריזיקע אדער אויף א קליינעם שטייגער.

go'pher-man *n.* (גאו'-פער-מען) א רויבער וואס עקספּלאדירט אייזערנע געלד־שראנקען.

go'pher-wood *n.* (גאו'-פער-הוואוד) פימסען־האלץ, עצי־גופר [דאס האלץ פון וועלכען נח האט געבויט די תיבה].

gor'dian *n.* (גאהר'-די-ען) א שווערינקייט, א פערפלאנטערניש; דער־האר־ווארים [א דינער און לאנגער ווארים, עהנליך צו א האר פון א פערד'ס עק. געפינט זיך אין טייכען און אזיערעס].

Gor'dian knot (גאהר'-די-ען נאט) אין די גריכישע לעגענדען — דער גארדישער קנופּ [דער קנופּ, מיט וועלכען עס איז געווען פערבונדען גארדיאוס'עס רייט־וואגען אין טעמפּעל פון גאלאטעא. דער אראקעל האט נביאות געזאגט, אז דער, ווער עס וועט פאנאנדערפלאנטערען און אבבינדען דיעזען קנופּ, וועט הערשען איבער גאנץ אזיען. אלעקסאנדער מוקדון האט דיעזען קנופּ פאנאנדערגעהאקט מיט זיין שווערד]; א פערפלאנטערטע זאך, א שווערער ענין.

gore *n. and v.* (גאור) א צוויקעל [א קלין אין א העמד אדער קלייד]; א דרייעקיג שטיק לאנד; דיק אדער פערשטייפט בלוט; שטויסען; שטעכען; אריינגעהען א קלין אין א העמד אדער קלייד.

gorge *n. and v.* (גאהרדזש) דער גארגעל, דער האלז, די קעהל; דאס וואס ווערט איינגעשלונגען; עסענווארג; דאס איינשלינגען, דאס עסען מיט אייליעניש; א קופּע, א מאסע וואס פערשטעלט דעם דורכגאנג; א געפיהל פון איבערדריסיגקייט אדער עקעל; א מין לייסט ביי דעם געזימס פון א זייל אדער געביידע; א שמאלער דורכגאנג צווישען הויכע פעלזען; דער אריינגאנג אין א באסטיאן פון א פעסטונג; דער אויסשניט אדער פערטיעפונג אויף דעם ראנד פון א בלאק; איינשלינגען, פערשלוקען; אנקארמענען, אנשטאפּען; זעטיגען; זיך אנשטאפּען [מיט עסען].

gor'geous *a.* (גאהר'-דזשאס) גלענצענד, שיינענד, פּרעכטיג; איבערגעגעבען צו פּוץ.

gor'geously *adv.* (גאהר'-דזשאס-לי) אויף א גלענצענדער, פּרעכטיגער ארט.

gor'geousness *n.* (גאהר'-דזשאס-נעס) גלאנץ, פּראכט, פּרעכטיגקייט.

gor'get *n.* (גאהר'-דזשעט) א האלז־שילד [א מין פּאנצער אדער שילד וואס בעדעקט דעם האלז און טיילווייז דאס הארץ]; א ברייטער האלז באנד; אין כירורגיע — א געוויסער אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט אין אפּעראציאנען ביים ארויסשניידען גאל־שטיינער.

Gor'gon *n.* (גאהר'-גאן) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינע פון די גארגאנען [די דריי שרעקליכע שוועסטער, צווישען וועלכע די שרעקליכסטע איז געווען מעדוזא. איהר קאפּ אנשטאט האר איז געווען בעפלאכטען מיט שלאנגען און יעדער, וועלכער פלעגט זי דערזעהן, פלעגט פערשטיינערט ווערען. פּערסעאוס האט זי דער'הרג'עט און אבגעשניטען איהר קאפּ].

gor'gon *n. and a.* (גאהר'-גאן) מעדוזא'ס קאפּ; עפּעס וואס איז שוידערליך און עקעלהאפט; א פרויענצימער מיט אן אבשטויסענדען געזיכט אדער מאניערען; א געוויסער זארט מאשינען אויף א דאמפּף־שיף; וואס איז שייך צו א גארגאן; זעהר העסליך אדער אבשטויסענד. ז. *Gorgon*

gorgo'nean *a.* (גאהר-גאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דער גארגאן; ווי די גארגאן. ז. *Gorgon*

gorgo'nian *a.* (גאהר-גאו'-ני-ען) ז. *gorgonean*

gorgonzo'la *n.* (גאהר-גאנ-זאו'-לא) א מין קעז וואס ווערט געמאכט פון געפּרעסטער מילך אין דעם איטאליענישען דארף גארגאנזאלא, ניט ווייט פון מילאן.

goril'la *n.* (גא-ריל'-א) די גארילא, איינע פון די גרעסטע מענשען־עהנליכע אפען. געפינט זיך אין די הייסע לענדער פון אפריקא און צייכענט זיך אויס מיט איהר אונגעהייערער שטארקייט און בייזקייט.

Gorilla

gor'ing *n. and a.* (גאור'-אינג) א שטיק טוך וואס איז אבגעשניטען שרעג [קאסע], כדי דאס אבגעשניטענע שטיק זאל אויסווייזען ברייטער; שרעג געשניטען.

gor'mand *n.* (גאהר'-מענד) א פרעסער, א זולל וסובא; א נאשער.

gor'mandic *a.* (גאהר'-מענ-דיק) פרעסעריש, ווי א זולל-וסובא.

gor'mandise *v.* (גאהר'-מענ-דאיז) ז. *gormandize*.

gor'mandism *n.* (גאהר'-מענ-דיזם) פרעסעריי, נאשעריי.

gor'mandize *v.* (גאהר'-מענ-דאיז) פרעסען, איבערעסען זיך.

gor'mandizer *n.* (גאהר'-מענ-דאי-זער) א פרעסער, א זולל-וסובא, א נאשער.

go round (גאו ראונד) אויסטיילען יעדען א חלק.

There is enough food to **go round** for all.

gorse *n.* (גאהרס) גונסטער [א מין שטעכיגער דארן]. ז. *furze*.

gor'sy *a.* (גאהר'-סי) בעוואקסען מיט גונסטער [שטעכיגע דערנער]. ז. *furze*.

go'ry *a.* (גאו'-רי) בלוטיג; איינגעשמירט אין בלוט; ווי פערגליווערט בלוט.

go secur'ity (גאו סי-קיור'-אי-טי) ערוב זיין.

gosh! *int.* (גאש) דאנערוועטער!

gos'hawk *n.* (גאס'-האהק) א גרויסער פאלק-פויגעל, א יאסטרעב, א שפארבער.

go'shen *n.* (גאו'-שען) א פרוכטבארע געגענד [לויט'ן נאמען פון דעם לאנד גשן, וואו די אידען האבען געוואהנט בעת זיי זיינען געווען אין מצרים].

gos'let *n.* (גאז'-לעט) זעהר א קליינע גאנז פון דעם מין געגנז אין דרום-אפריקא און אויסטראליען, וועלכע זיינען ניט גרעסער פון קאטשקעס.

gos'ling *n.* (גאז'-לינג) א יונגע גאנז; די קאצען-בלום [אזעלכע בליהונג] פון א וויידען-בוים [ווערבע].

gos'ling-green *n.* (גאז'-לינג-גריען) א געלב-גרינליכער קאליר.

go slum'ming (גאו סלאמ'-אינג) געהן אין די שמוציגע קווארטאלען, כדי זיך צוצוקוקען צום לעבען פון ארעמען פאלק.

go sol'diering (גאו סאול'-דזשער-אינג) געהן פאר א סאלדאט.

gos'pel *n., a. and v.* (גאס'-פעל) דאס עוואנגעליום [דאס נייע טעסטאמענט, ברית חדשה] אדער א טייל פון עוואנגעליזם; א בשורה; די פערקינדיגונג וועגען יעזוס'ען; א לעהרע; אן אונבעשטרייטבארער אמת; וואס איז שייך צום עוואנגעליום; עוואנגעליש; פערשפרייטען דאס עוואנגעליום; מאכען שטארק פרום [וועגען קריסטען].

gos'peler *n.* (גאס'-פעל-ער) איינער וואס האלט זיך שטרענג אדער פאנאטיש אן דעם עוואנגעליום [ברית חדשה]; אן איבערגעבענער פראטעסטאנט; אן עוואנגעליסט; א פוריטאנער; א גלח וואס לייענט פאר אין קירך דאס עוואנגעליום; א פרעדיגער פון עוואנגעליום, א מיסיאנער.

gos'pelize *v.* (גאס'-פעל-איז) פרעדיגען די לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט.

gos'peller *n.* (גאס'-פעל-ער) ז. *gospeler*.

gos'pel truth (גאס'-פעל טרוהטה) אן אונבעשטרייטבארע ווארהייט.

gos'samer *n. and a.* (גאס'-ע-מער) די פליהענדע זומער-פעדים, די פליהענדע שפינוועב; דינע מארלע, גאז [אזא דינער דורכזיכטיגער שטאף ווי עס ווערט געברויכט פאר שלייערס]; א דינער וואסערפעסטער אויבער-מאנטעל [וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער]; לייכט און דין [ווי מארלע אדער גאז].

gos'samery *a.* (גאס'-ע-מער-אי) לייכט און דין [ווי מארלע אדער גאז].

gos'sip *n. and v.* (גאס'-איפ) א שוואצער, א פלוידער-זאק; א בעריידער, א בעל לשון הרע; פלוידעריי, א פוסטער שמועס; לשון הרע; בעריידעריי; א טויף-פאטער, א טויף-מוטער; פלוידערען, שמועסען; בעריידען, ריידען לשון הרע; פערשפרייטען סקאנדאליעזע געשיכטען, ריידען רכילות.

gos'siper *n.* (גאס'-אי-פער) א שוואצער, א פלוידערער, א בעריידער, א בעל לשון הרע'ניק; א פערשפרייטער פון סקאנדאליעזע געשיכטען.

gos'siping *n.* (גאס'-איפ-אינג) פלוידעריי, שוואצעריי; בעריידעריי, לשון הרע; דאס פערשפרייטען סקאנדאליעזע געשיכטען.

gos'sipmonger *n.* (גאס'-איפ-מאנ-גער) א בעריידער, א בעל לשון הרע, א רכילות'ניק, א פערשפרייטער פון סקאנדאליעזע געשיכטען.

gos'sipry *n.* (גאס'-איפ-רי) פלוידעריי, פלאפלעריי, שוואצעריי; אן ארומגעהענדער קלאנג.

gos'sipy *a.* (גאס'-איפ-אי) שמועסענדיג, פלוידערענדיג, ליירט אונטערהאלטענדיג.

gossoon' *n.* (גא-סוהן') א שיק-אינגעל; א דיענער [אין אירלאנד].

got (גאט) געקראגען, בעקומען. ז. *get*.

Goth *n.* (גאטה) א גאט [איינער פון די גאטען אדער גערמאנישע פעלקער]; א בארבאר; א ניט-ציוויליזירטער, גראבער אדער אונוויסענדער מענש.

Go'thamist *n.* (גאו'-טהעמ-איסט) א בעשענקטער מענש, א "כעלמער", א נאר [צוליעב דעם וואס די איינוואהנער פון גאטהאם, אין ענגלאנד, האבען געהאט א שם פאר נאראנים].

Go'thamite *n.* (גאו'-טהעמ-אִיט) אן איינוואהנער פון גאטהאם [ענגלאנד] אדער פון ניו יארק [אמעריקא]; א גאטהאמער; א ניו יארקער; א בעשרענקטער מענש, ניט קיין גרויסער חכם. ז. *Gothamist*.

go the ut'most length (גאו טהי אט'-מאוסט לענגטה) אנווענדען די עקסטרעמסטע מיטלען.

go the way of all flesh (גאו טהי הוויי אוו אהל פלעש) שטארבען.

go the whole fig'ure (גאו טהי האול פיג'-יור) אנווענדען ראדיקאלע מיטלען; זיך ניט אבשטעלען פאר קיין זאך; טהאן גרינדליך.

go the whole hog (גאו טהי האול האג) גרינדליך עפעס טהאן; טהאן עפעס ניט אבשטעלענדיג זיך פאר קיין זאך.

go the whole length (גאו טהי האול לענגטה) דורכפיהרען א זאך ביז'ן סוף; אננעהמען ראדיקאלע מיטלען.

Goth'ic *a. and n.* (גאטה'-איק) גאטיש, וואס איז שייך צו די גאטען [פארצייטיגע גערמאנישע פעלקער]; גראב, בארבאריש; די שפראך פון די גאטען; אין דרוקעריי — די גאטישע שריפט [אזא שפיציגע שריפט ווי די דייטשע]; דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור. ז. *Gothic style*.

goth'ic *n.* (גאטה'-איק) א נאמען פאר א געוויסער דרוק-שריפט אין אמעריקא [די שריפט איז קאנטיג און אהן האר-שטריכען].

THIS LINE IS IN GOTHIC

Goth'ic architec'ture (גאטה'-איק אר-קי-טעק'-טשור) דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור. ז. *Gohtic style*.

Goth'icism *n.* (גאטה'-אי-סיזם) א גאטישער אויסדרוק אין דער שפראך; דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור; גראבקייט, ווילדקייט, בארבאריזם.

Goth'icize *v.* (גאטה'-אי-סאיז) מאכען גאטיש; מאכען גראב, בארבאריש.

Goth'ic style (גאטה'-איק סטאיל) דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור; דער שפיץ-בויגען סטיל, וועלכער האט געהערשט אין איירא פא צווישען 12טען און 16טען יאהרהונדערט.



Gothic Style

Goth'ic win'dow (גאטה'-איק הווינ'-דאו) א פענסטער אין גאטישען סטיל.



Gothic window

go through (גאו טהרוה) דורכגעהן, דורכמאכען, אויסהאלטען, זיך אויסשטעהן, ענדיגען; פאהרען דירעקט, ניט בייטענדיג דעם צוג אדער דעם טראמוואי; בערויבען; אנטהאן צרות.

go through one's sweat (גאו טהרוה הוואנז סהוועט) דורכפיהרען אן אויפגאבע; דערנעהנטערען זיך צום ציעל; האלטען ביים איבערקומען די צרות.

go through the mill (גאו טהרוה טהי מיל) דורכגעהן א שווערע לעהרע אדער דיסציפלין; פיעל דורכמאכען; זיין געניט, ערפאהרען.

In order to become real Americans, all immigrants must **go through the mill.**

go through with (גאו טהרוה הוויטה) דורכפיהרען; ענדיגען; ערורייכען.

go to! (גאו טו) געה צום טייוועל!

go to a price (גאו טו ע פראיס) צאהלען א גרויסען פרייז; געהן אזוי ווייט ווי...

go to bed (גאו טו בעד) זיך לעגען שלאפען.

go to decay' (גאו טו די-קיי') פאנאנ-

דערפאלען, זיך צופאלען, פערוויאנעט ווערען, אונטערגעהן.

Nations as well as individuals go to decay.

go to expen'ses (גאו טו עקס־פענ'־סעז) זיך לאזען קאסטען.

go to extremes' (גאו טו עקס־טרימז') פערגעהן צו וויים, אנווענדען עקסטרעמע מיטלען, איבערטרעטען די גרענעצען פון דעם געוועהנליך־אנגענומענעם.

go togeth'er (גאו טו־געטה'־ער) געהן צוזאמען; זיך צוזאמענקומען, זיך פערזאמלען; פאסען זיך איינער צום אנדערען; זיין צוזאמענגעבונדען.

go togeth'er by the ears (גאו טו־געטה'־ער באי טהי איערז) זיך רייסען ווי די קעץ.

go to grace! (גאו טו גרייס) געה צום טייוועל!

go to grass (גאו טו גרעס) געהן אויף פאשע [וועגען א פערד וואס טויג שוין ניט צו דער ארבייט]; ארוים פון געברויך אדער פון דיענסט; געהן צום טייוועל; שטארבען; אומגעשליידערט ווערען מיט קראפט.

go to Guin'ea! (גאו טו גינ'־אי) געה צו אל די רוחות!

go to Hal'ifax! (גאו טו העל'־אי־פעקס) געה צום טייוועל!

go to it ding'-dong (גאו טו איט דינג'־דאנג) זיך שלאגען אויף'ן רעכטען אמת.

go to Jer'icho! (גאו טו דזשער'־אי־קאו) געה צו אל די רוחות!

go to law (גאו טו לאה) אנהויבען א פראצעס, זיך משפט'ען.

go to loss (גאו טו לאהס) פערלארען ווערען.

go'-to-mee'ting *a.* (גאו'־טו־מיט'־טינג) יום־טוב'דיג [וועגען קליידער].

go too far (גאו טו פאר) געהן צו וויים, זיך ערלויבען צופיעל.

go to pie'ces (גאו טו פיע'־סעז) צופאלען אויף שטיקלעך, פאנאנדערפאלען, צושמעטערט ווערען.

I am overworked. I fear I shall go to pieces.

go to pound (גאו טו פאונד) איינגעשפארט ווערען אין געפענגנים.

go to press (גאו טו פרעס) געהן צו דרוק, נעהמען דרוקען.

go to roost (גאו טו רוהסט) געהן שלאפען.

go to ru'in (גאו טו רוה'־אין) פאנאנדערפאלען, פערוואנדעלט ווערען אין שטויב, רואינירט ווערען.

go to sea (גאו טו סיע) ווערען א מאטראז.

go to smash (גאו טו סמעש) רואינירט ווערען; צו גרונד געהן.

go to the coun'try (גאו טו טהי קאנ'־טרי) ארויספאהרען אין דארף, ארויספאהרען אויף א דאטשע; אפעלירען צום פאלק; זיך אונטערווארפען א נייער וואהל.

go to the dogs (גאו טו טהי דאגז) פאנאנדערפאלען, פערלארען געהן.

go to the wall (גאו טו טהי וואהל) צוגעשפארט ווערען צו דער וואנד; שלעכט אבשניידען; באנקראטירען.

got'ten (גאט'ן) געקראגען, בעקומען, ערווארבען. ז. *get*

gouache' *n. and a.* (גוואעש) אזא מין מאטע מאלעריי מיט וואסער־פארבען; בילדער אזוי געמאלען; וואס איז שייך צו דיעזען מין מאלעריי.

gouge *n. and v.* (גאודזש) א רונדער דלאט [מייסעל]; אין בוכבינדעריי — אזא אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט ביי גילדען; אזא מין מושעל; א געצייג צו שניידען לעדער אדער פאפיער; מאכען א לאך, אויסבויערען, אבברעכען [ווי מיט א דלאט]; גראב אדער מיאוס בעשווינדלען אדער אבנארען.

gou'ger *n.* (גאו'־דזשער) איינער וואס בויערט אדער ברעכט [מיט א דלאט אדער ווי מיט א דלאט]; א שווינדלער.

gouge'-slip *n.* (גאודזש'־סליפ) א שארפשטיין [פאר דלאטען אדער מייסעל].

goujat' *n.* (גוה־זשא') א דיענער אין א לאגער, א דיענער פון אן אפיציער.

gou'jon *n.* (גוה'־זשאן) דער פלאך־קעפיגער קאץ־פיש [אזא גרויסער פיש אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

Gou'lard wa'ter (גוה'־לארד וואה'־טער) גולארדס וואסער, בלייוואסער [ווערט געברויכט אלס מעדיצין ביי ענטצינדונגען].

gou'lash *n.* (גוה'־לעש) [א גולאש שטארק געווירצטע אונגארישע געבראטענס פון אקסענפלייש, ציגענפלייש און קארטאפעל].

go un'der (גאו אנ'־דער) אונטערגעהן, זינקען, רואינירט ווערען; שטארבען; זיין בעקאנט אונטער א געוויסען נאמען.

go un'der an ill report' (גאו אנ'־דער ען איל רי־פאורט') האבען א שלעכטען נאמען.

go un'der the ham'mer (גאו אנ'־דער טהי העמ'־ער) געהן אונטער'ן האמער, פערקויפט ווערען אויף אן אויקציאן.

go up (גאו אפ) ארויפגעהן, ארויפשטייגען; שטייגען [וועגען פרייזען]; זיך אברוקען, אוועקגעהן ווייטער פון די פוסלעמפלעך אויף דער ביהנע; פינאנציעל רואינירט ווערען; אבגענוצט ווערען, אבגעטראגען ווערען; געהאנגען ווערען, שטארבען.

go up and down (גאו אפ ענד דאון) געהן אהין און אהער, זיך ארומשלעפען, זיך ארומדרעהען.

go up a tree (גאו אפ ע טריע) זיין אויף צרות, זיין אין א שווערער פערלעגענהייט אדער געפאהר.

go upon' (גאו א־פאן') זיך גרינדען אויף, ארויסגעהן פון [א געוויסער בעהויפטונג אדער געדאנק אין ארגומענטירען].

go upon' li'king (גאו א־פאן' לאי'־קינג) געהן אויף פראבע.

go upon' the pad (גאו א־פאן' טהי פעד) ארויסגעהן אויף גאסען־רויב.

go up the spout (גאו אפ טהי ספאוט) צוזאמענברעכען, זיין אין א צרה'דיגען צושטאנד [וועגען אונטערנעהמונגען]; געהן אויף דער תליה, געהאנגען ווערען.

gourd *n.* (גאורד) א קירבעס; א קירבעס־פלאנצע; א קירבעס־פלאש [פון קירבעס־שאלעכץ].

gourde *n.* (גוהרד) [ווערט אזוי גערופען אין לואיזיענע, קובא, האאיטי און איייניגע אנדערע געגענדען] א דאלאר.

gour'diness *n.* (גאור'־די־נעס) אן אנשוועלונג אויף א פערד'ס פוס.

gourds *n.* (גאורדס) פאלשע [אויסגעהוילטע] ווירפעל.

gourd'-shell *n.* (גאורד'־שעל) די שאלעכץ פון א קירבעס [אלס פלאש].

gourd'-tree *n.* (גאורד'־טריע) דער קאלאבאסען־בוים; די קירבעס־פלאנצע.

gourd'worm *n.* (גאורד'־הוואירם) דער לעבער־ווארים.

gour'dy *a.* (גאור'־די) אויפגעשוואלען [וועגען די פיס פון א פערד].

gour'mand *n.* (גאהר'־מענד) ז. *gormand*

gour'mandic *a.* (גאהר'־מענ־דיק) ז. *gormandic*

gour'mandism *n.* (גאהר'־מענ־דיזם) ז. *gormandism*

gour'mandize *v.* (גאהר'־מענ־דאיז) ז. *gormandize*

gour'mandizer *n.* (גאהר'־מענ־דאי־זער) ז. *gormandizer*

gourmet' *n.* (גוהר־מיי') א מבין אויף גוטע מאכלים; א ליעבהאבער פון גוט עסען און טרינקען.

gout *n.* (גאוט) ניכט אדער פאדאגרא [א קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין א שארפען וועהטאג אין אייניגע געלענקען פון פוס און בעזאנדערס אין גראבען פינגער].

gout *n.* (גוה) געשמאק, נייגונג אדער לוסט צו עפעס.

gou'tiness *n.* (גאו'־טי־נעס) ניכט אדער פאדאגרא־שמערץ. ז. *gout*

gout'-stone *n.* (גאוט'־סטאון) לייםשטיין אדער א מין פערהארטונג וואס בילדעט זיך פון ניכט [פאדאגרא].

gout'-swelled *a.* (גאוט'־סהוועלד) פערשוואלען פון גיכט אדער פאדאגרא.

gout'-swoll'en *a.* (גאוט'־סהוואולן) ז. *gout-swelled*

gout'weed *n.* (גאוט'־הוויעד) גליעדקרויט [א מין פלאנצע, וועלכע מען האט אמאל געהאלטען אלס מיטעל צו ניכט אדער פאדאגרא].

gout'wort *n.* (גאוט'־הוואירט) ז. *goutweed*

gou'ty *a.* (גאו'־טי) וואס ליידט אויף ניכט אדער פאדאגרא; וואס געהערט צו פאדאגרא; אנגעשוואלען. ז. *gout*

gou'ty disease' (גאו'־טי די־זיעז') די ניכט אדער פאדאגרא ז. *gout*

Gov. אבקירצונג פון *governor*

gov'ern *v.* (גאוו'־ערן) רעגיערען, פיהרען, בעהערשען, הערשען; אין גראמאטיק — רעגיערען, פאדערען נאך זיך דאס אדער יענעם ווארט אין א געוויסער גראמאטיקאלישער פארם.

gov'ernable *a.* (גאוו'־ער־נעבל) אונטערווערפיג; וואס לאזט זיך בעהערשען; וואס ווערט רעגיערט.

gov'ernableness *n.* (גאוו'־ער־נעבל־נעס) דאס לאזען זיך בעהערשען, דאס ווערען רעגיערט.

gov'ernance *n.* (גאוו'־ער־נענס) לייטונג, פיהרונג, פערוואלטונג.

gov'erness *n. and v.* (גאוו'־ער־נעס) א גובערנאנטקע, א פרויענצימער וואס איז אנגעשטעלט אין א הויז צו לערנען און ערציהען די קינדער; א פערוואלטעריז, א הערשעריז, א גובערנאטאריז; שפיעלען די ראלע פון א גובערנאנטקע.

gov'ernment *n.* (גאוו'־ערן־מענט) רעגיערונג, אנפיהרונג, פערוואלטונג, אויפזעהונג, קאנטראל; די רעגיערונג אדער פערוואלטונגס־ראטה פון א מלוכה, פון א געזעלשאפט א. ד. ג.; די פערוואלטונגס־סיסטעם פון א לאנד, פון א שטאאט, פון א געמיינדע א. ד. ג.; א גובערניע; אין גראמאטיק — דאס רעגיערען פון ווערטער. ז. *govern*

governmen'tal *a.* (גאוו־ערנ־מענ'־טעל) פון דער רעגיערונג אדער וואס געהערט צו דער רעגיערונג.

gov'ernment-loan *n.* (גאוו'-ערנ-מענט-לאון) א רעגיערונגס=הלואה.

gov'ern one's self (גאוו'-ערן הוואנז סעלף) זיך בעהערשען, זיך האלטען אין די הענד.

gov'ernor *n.* (גאוו'-ער-נאר) א רעגיערער, א הערשער; א פערוואלטער פון א געוויסער אינסטיטוציאן אדער איינריכטונג; א גובערנאטאר; א גואווערנער, א לעהרער; א פאטער, א בעל=הבית, אן עלטערער; אין א דאמפף=מאשין — דער רעגולאטאר.

gov'ernor-gen'eral *n.* (גאוו'-ער-נאר-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל=גובערנאטאר.

gov'ernorship *n.* (גאוו'-ער-נאר-שיפ) גובערנאטארשאפט; דאס אמט פון א גובערנאטאר.

gow'an *n.* (גאו'-ען) א מארגאריטקע [אזא בלום].

go well with (גאו הוועל הוויטה) וואויל געהן, זיין אין א גוטען צושטאנד.

go with (גאו הוויטה) מיטגעהן; נעהמען אנטייל; איינשטימען.

go with child (גאו הוויטה טשאילד) זיין טראגעדיג.

go without' (גאו הוויטה-אוט') זיך בעגעהן [אהן עפעס].

It is easier to go without eating than without drinking.

go without' say'ing (גאו הוויטה-אוט' סיי'-אינג) אנגענומען ווערען אהן דבורים; פערשטאנען ווערען אהן שום ערקלערונגען.

go with the stream (גאו הוויטה טהי סטריעם) שווימען מיט'ן שטראם.

It is not always wise to go with the stream.

go with the wind (גאו הוויטה טהי הווינד) געהן וואו דער ווינד בלאזט.

gown *n. and v.* (גאון) א פרויען=קלייד; א לאנגער פרייער בגד; א טאלאר [א לאנגער ברייטער איבערמאנטעל ווי עס טראגען אין געוויסע לענדער פראפעסארען, יוריסטען, גלחים א. ד. ג.]; זיך אנטהאן א ברייטען לאנגען מאנטעל אדער אן ענליכען בגד.

gown'man *n.* (גאונ'-מען) ז. *gownsman*.

gowns'man *n.* (גאונז'-מען) א טאלאר=טרעגער [איינער וואס טראגט א לאנגען ברייטען איבערמאנטעל ווי א פראפעסאר, א יוריסט, א גלח א. ד. ג.].

go wrong (גאו ראנג) א טעות האבען, זיין אומגערעכט; פערקריכען קיין בויבעריק.

goy *n.* (גאי) א גוי.

goy'im *n.* (גאי'-אים) גויים.

goz'zard *n.* (גאז'-ערד) א גענזען=פאסטוך; א נאר, א דומער יונג.

G. P. O. ראשי תבות פון די ווערטער *general post-office* [די הויפט פאסט=קאנטאר].

gr. אבקירצונג פון *gram* אדער *groshen*

grab *v. and n.* (גרעב) כאפען, גרייפען, טאפען; פערכאפען, אריינכאפען מיט גוואלט אדער אונגעזעצליך; דאס כאפען; דאס אריינכאפען מיט גוואלט; א מעכאנישע פאררריכטונג אנצונעהמען עפעס.

grab'-all *n.* (גרעב'-אהל) איינער אדער עטוואס וואס פערכאפט אלעס; איינער וואס וויל פערכאפען די גאנצע וועלט; אזא גרויסע נעץ צו כאפען פיש אין ים.

grab'-bag *n.* (גרעב'-בעג) א זאק מיט פערשיעדענע זאכען, וועלכע ווערען פערקויפט ניט געזעהענערהייד, נאר דורך אריינשטופען די האנד און ארויסנעהמענדיג פון זאק וואס עס טרעפט זיך צוערשט [ווערט געברויכט אלס א מיטעל צו מאכען געלד אויף אונטערנעהמונגען פאר וואהלטהעטיגע צוועקען]; א ניט כשר'ער, אונזיכערער מיטעל צו בעקומען געלד.

grab'ber *n.* (גרעב'-ער) א נעהמער, א כאפער; א פערכאפער.

grab'bing *n.* (גרעב'-אינג) דאס כאפען, דאס אריינכאפען מיט גוואלט; דאס אבקלאפען זיך די פאדקאוועס פון די הינטערשטע פיס פון א פערד מיט די פאדערשטע ביים לויפען.

grab'ble *v.* (גרעבל) גראבלען; טאפען; כאפען.

grab'-buck'et *n.* (גרעב'-באק'-עט) אן אויטאמאטישער לאסט=עמער [אזא גרויסער עמער, וועלכען מען געברויכט ביים לאדען און אויסלאדען זאמד, ערד, שטיינער א. ד. ג. ער ארבייט אויטאמאטיש, ער נעהמט אליין אריין די משא און לאדט זי אליין אויס].

grab'-hook *n.* (גרעב'-הוק) אזא פיערפאכיגער האטשיק צו כאפען פיש [די פיער האטשיקעס ווערען בעפעסטיגט אין א שטיקעל בליי און אנגעבונדען צו דער ווענטקע]; א האטשיק, א קרוק, א האקען.

grab'-i'ron *n.* (גרעב'-אי'-ערן) א גריף אדער הענטעל פון א פראכט=וואגאן פאר וועלכען די באהן=בעדיענטע האלטען זיך אן ביים אריינקומען אין וואגאן.

grab'-line *n.* (גרעב'-לאין) א שטריק פון א שיף פאר וועלכער מען ציהט זי, ווען זי קומט נאהנט צום ברעג.

grace *n. and v.* (גריים) גנאדע; גונסט; בעגנאדיגונג; פערגעבונג, פערצייהונג; א געפעליגקייט, א טובה; גאטס גנאדע; גאטס בארמהערציגקייט; חן, אנגענעהמקייט, גראציע, רייץ, שעהנהייט; א פערוואלטונגס=בעשלוס פון אן ענלישען אוניווערזיטעט; אין מוזיק — קאלאראטור, א טרעל [אלס א פערציערונג פון א מעלאדיע]; א ברכה פאר'ן עסען אדער בענשען נאך'ן עסען; הערליכקייט, גנאדען [אן אדעל=טיטעל אין ענגלאנד]; בעציערען, בעפוצען; פערשעהנערען; בעגינסטיגען, בעעהרען; פערשעהנערען א מעלאדיע דורך קאלאראטור אדער טרעלען.

grace af'ter meat (גריים עפ'-טער מיעט) דאס בענשען נאך'ן עסען [ברכת המזון].

grace before' meal (גריים בי-פאור' מיעל) א ברכה פאר'ן עסען.

grace'-cup *n.* (גריים'-קאפ) א גרויסער בעכער פון וועלכען אלע געסט טרינקען אוועקגעהענדיג פון טיש; א טרונק פון אזא בעכער.

graced *a.* (גרייסט) שעהן, גראציעז, חנ'עוודיג.

grace'ful *a.* (גריים'-פול) פול מיט חן, גראציעז.

grace'fully *adv.* (גריים'-פול-אי) אויף א חנ'עוודיגען אדער גראציעזען אופן; חנ'עוודיג, גראציעז.

grace'fulness *n.* (גריים'-פול-נעס) חנ'עוודיגקייט, שעהנהייט, גראציע.

grace'-hoop *n.* (גריים'-הוהפ) א רייפעל וואס ווערט בענוצט אין רייפען=שפיעל. ז. *graces*.

grace'less *a.* (גריים'-לעס) אהן רייץ, אהן חן, אהן געשמאק; גאטלאז, אהן גאטס גנאדע; פערדארבען, אראב פון דרך הישר.

grace'lessly *adv.* (גריים'-לעס-לי) ז. *graceless*.

grace'lessness *n.* (גריים'-לעס-נעס) דאס זיין אהן חן, אהן רייץ אדער אהן געשמאק; דאס זיין גאטלאז, דאס זיין אהן גאטס גנאדע; פערדארבענהייט.

grace'-note *n.* (גריים'-נאוט) אין מוזיק — א קאלאראטור=נאטע, א טרעל.

gra'ces *n.* (גריי'-סעז) דאס רייפען=שפיעל [א שפיעל מיט רייפען און שטעקלעך וואס האט דעם צוועק צו ענטוויקלען גראציעזע בעוועגונגען].

Gra'ces *n.* (גריי'-סעז) די גראציען [די דריי געטינען פון שעהנהייט, פרייד און לעבענסלוסטיגקייט אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

grace'-stroke *n.* (גריים'-סטראוק) דער לעצטער שטריך; דער לעצטער קלאפ, א טויט=קלאפ [אום צו טויטען א טויטליך פערוואונדעטען, כדי איהם צו בעפרייען פון אומזיסטיגע ליידען].

grac'ile *a.* (גרעס'-איל) דין, מאגער; גראציעז.

gracios'ity *n.* (גריי-סי-אס'-אי-טי) דאס זיין גראציעז; חנ'עוודיגקייט; דאס זיין אנגענעהם.

gracio'so *n.* (גריי-סי-או'-סאו) א פאיאץ, א קלאון [אין א שפאנישער קאמעדיע]; א ליעבלינג.

gra'cious *a.* (גריי'-שאס) געפעליג, גינסטיג, גנעדיג, פריינדליך; גאטזעליג, פרום; חנ'עוודיג, גראציעז, רייצענד, שעהן, אנגענעהם, סימפאטיש, ליעבליך, אנציהענד.

gra'cious alive'! (גריי'-שאס ע-לאיוו') גאט מיינער! אה! [אן אויסדרוק פון פערוואונדערונג].

gra'ciously *adv.* (גריי'-שאס-לי) פריינדליך, ליעבליך; מיט גנאד, מיט פריינדשאפט, מיט ליעבליכקייט.

gra'cious me! (גריי'-שאס מי) גאט מיינער! [אן אויסדרוק פון פערוואונדערונג].

gra'ciousness *n.* (גריי'-שאס-נעס) גנאדע, גיטיגקייט, געפעליגקייט, פריינדליכקייט; חנ'עוודיגקייט, חן, רייץ, גראציע.

grack'le *n.* (גרעקל) אזא קראקעדיגער פויגעל.

gra'date *v.* (גריי'-דייט) ברייגנען צו א שטופענווייזען איבערגאנג [ווי פון איין קאליר צו אן אנדערען].

grada'tim *adv.* (גרע-דיי'-טים) שטופענווייז, גראדענווייז, א מדרגה נאך א מדרגה, א שריט נאך א שריט.

grada'tion *n.* (גרע-דיי'-שאן) דער שטופענגאנג; א שטופענווייזער פארטשריט, א שטופענווייזע שטייגערונג; אין מאלעריי — דער שטופענווייזער איבערגאנג פון איין קאליר צו א צווייטען; אין מוזיק — די שטופענווייזע העכערונג אדער ארַאבנידערונג פון אקארדען.

grada'tional *a.* (גרע-דיי'-שאנ-על) טריט ביי טריט, שטופענווייז, גראדענווייז.

grad'atory *a.* (גרעד'-ע-טא-רי) שטופענווייז, גראדענווייז; שטופענווייז פראגרעסירענד.

grade *n. and v.* (גרייד) א גראד, א שטופע; א מדרגה; די משופע'דיגקייט אדער נייגונגס=פלעכע פון א באהן=וועג; א ראנג, א טשין; א קוה אדער אקס וואס קומט ארויס פון געקרייצטע [געמישטע] עלטערען; זארטירען; פלאך מאכען; אויסבעסערען דעם מין דורך קרייצונג [מישונג] פון עלטערען.

grade cross'ing (גרייד קראהס'-אינג) אן ארט וואו א געוועהנליכער וועג קרייצט אן אייזענבאהן=וועג.

gra'dient *a. and n.* (גריי'-די-ענט) געהענד, שרייטענד; שטייגענד; וואס געהט

אדער לויפט מיט פיס [וועגען געוויסע רעפטיליען אין געגענזאץ צו די בויך=קריכענדע]; די שטייגונג פון אן אייזענבאהן=וועג, די נייגונגס=פלעכע; אין פיזיק — דאס פערהעלטניס אין וועלכען א פערענדערליכע גרעסע, ווי טעמפעראטור, דרוק א. ד. ג. ענדערט זיך אין איהר ווערטה.

Gradien'tia *n.* (גריי-די-ען'-שי-א) דער מין רעפטיליען וועלכע געהען אויף פיס [אין געגענזאץ צו די בויך=קריכענדע].

gra'din *n.* (גריי'-דין) א רייה טרעפ אדער זיץ=פלעצער איינע איבער די אנדערע; א טרעפעל אדער פאך [פאליצע] איבער אן אלטאר; אזא צייהנערדיגער דלאט וואס ווערט בענוצט פון סקולפטארען.

gra'dine *n.* (גריי'-דין) ז. *gradin*.

grad'ual *a. and n.* (גרעדזש'-או-על) שטופענווייז, גראדענווייז; א געוויסער לויב=געזאנג אין דער קאטוילישער קירך וואס פלעגט אמאל געזונגען ווערען אויף די טרעפען פון דער בימה; א בוך וואס ענטהאלט דיעזען געזאנג.

gradual'ity *n.* (גרעדזש-או-על'-אי-טי) דער שטופענגאנג; א לאנגזאמער, שטופענווייזער פארטשריט.

grad'ually *adv.* (גרעדזש'-או-על-אי) טריט ביי טריט, שטופענווייז; פאמעלעך.
Gradually they ascended the mountain.

grad'ualness *n.* (גרעדזש'-או-על-נעס) דאס שטייגען אדער פארטשרייטען שטופענווייז.

Grad'ual Psalm (גרעדזש'-או-על סאהם) א שיר המעלות.

grad'uate *v., n. and a.* (גרעדזש'-או-אייט) איינטיילען אין גראדען; שטייגען; פערבעסערען; ענדערען שטופענווייז; בעווירדיגען מיט אן אקאדעמישען טיטול; גראדואירען אדער ענדיגען [א שוהל אדער אוניווערזיטעט]; קריגען אן אקאדעמישען טיטול; א גראדואירטער אדער געענדיגטער [פון א שוהל אדער אוניווערזיטעט]; א בעווירדיגטער מיט אן אקאדעמישען טיטול; א גלעזערנע כלי, וועלכע איז איינגעטיילט אין גראדען [ווי די, וועלכע ווערען בענוצט פון כעמיקער אדער אפטייקערס]; איינגעטיילט אין גראדען.

grad'uated tube (גרעדזש'-או-איי-טעד טיוב) א גראדואירטע גלאז=רעהר [אזא לאנג, שמאל גלאז איינגעטיילט אין גראדען].

Graduated Tube

grad'uateship *n.* (גרעדזש'-או-אייט-שיפ) דער אקאדעמישער טיטול פון א געענדיגטען אדער גראדואירטען [פון אן אוניווערזיטעט אדער אקאדעמיע].

gradua'tion *n.* (גרעדזש-או-איי'-שאן) א גראדען=איינטיילונג; דאס איינטיילען אין גראדען; דאס גראדואירען אדער ענדיגען [א בילדונגס=אנשטאלט]; דאס בעקומען אן אקאדעמישען טיטול ביים ענדיגען שטודירען; דאס דערהויבען וועלכען עס איז שטאף צו א העכערער מדרגה [ווי די אלכעמיסטען האבען עס געדענקט צו טהאן מיט פראסטע מעטאלען, זיי צו דערהויבען צו גאלד]; דאס קאנצענטרירען אדער געדיכטער מאכען א פליסיגקייט.

grad'uator *n.* (גרעדזש'-או-איי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס טיילט אין גראדען; א גראדואיר=מאשין [א מאשין וואס טיילט אין גראדען].

gra'dus *n.* (גריי'-דאס) א פראזאדיען=ווערטערבוך [א בוך וואס ענטהאלט פערשיעדענע בייספיעלע פון דער פאעזיע, פון דעם בוי פון פערזען און זייער מאס]; א מוזיקאליש שטיק פאר איבונג.

graf *n.* (גראף) א גראף [אן אדעל=טיטול].

graff *n. and v.* (גרעף) א פרעמדע צווייג וואס ווערט אריינגעזעצט אין א בוים; אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים [מרכיב זיין].

graf'fer *n.* (גרעפ'-ער) איינער וואס איז מרכיב [וואס זעצט אריין א פרעמדע צווייג אין א בוים]; א נאטאריוס.

graft *n. and v.* (גרעפט) א פרעמדע צווייג וואס ווערט אריינגעזעצט אין א בוים; עטוואס וואס ווערט צוגעשטוקעוועט צו אן אנדער זאך; אין כירורגיע — א שטיק פלייש אדער הויט וואס ווערט אבגעשניטען פון איין ארט און צוגעשטוקעוועט צו אן אנדער ארט; פיזישע ארבייט; כאבאר, לא יחרץ געלד, שחד, אונעהרליך געלד; מרכיב זיין [אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים]; צושטוקעווען; אריינפלאנצען; ענג פעראייניגען; אריינשטאפען, אריינפאסען; צושטוקעווען א שטיק הויט אדער פלייש פון איין ארט צום אנדערען; ארבייטען; נעהמען כאבאר, לא יחרץ געלד אדער שחד; ארויבלאזען צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער, בעזאנדערס קהל'שע; אין גנבים=שפראך — שלעפען פון די קעשענעס; העלפען אן אנדערען גנב'ענען; ארויפלעגען נייע זוילען [פארעשוועס] אויף שטיוועל.

graf'ter *n.* (גרעפ'-טער) א כאבארניק, א לא יחרץ געלד נעהמער; איינער וואס נוצט אויס א קהל'שען אמט פאר זיינע אייגענע צוועקען; איינער וואס לאזט אראב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער; א גערטנער וואס זעצט אריין פרעמדע צווייגען אין בוימער.

graf'ting *n.* (גרעפ'-טינג) דאס מרכיב זיין [דאס אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים]; דאס צונויפשטוקעווען; דאס נעהמען כאבאר אדער לא יחרץ געלד, דאס אראבלאזען צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער, בעזאנדערס קהל'שע; דאס אויסנוצען א קהל'שען אמט פאר אייגענע צוועקען.

Grafting

graf'ting-knife *n.* (גרעפ'-טינג-נאיף) א מעסער וואס ווערט בענוצט ביים אריינזעצען פרעמדע צווייגען אין בוימער.

graf'ting-tool *n.* (גרעפ'-טינג-טוהל) א רידעל, אן אייזערנע לאפעטע צום גראבען.

graf'ting-wax *n.* (גרעפ'-טינג-הוועקס) בוים=וואקס [אזא מין זאלב געמאכט פון ביענען=וואקס, חלב און אנדערע מאטעריאלען איינצושמיערען די ביימער אין וועלכע מען זעצט אריין פרעמדע צווייגען].

Gra'ham bread (גריי'-עם ברעד) ברויט געבאקען פון אונגעזיפטער ווייצען=מעהל.

Gra'ham flour (גריי'-עם פלאור) ניט געזיפטע ווייצען=מעהל.

Gra'hamism *n.* (גריי'-עם-איזם) וועגעטאריאניזם [די לעהרע וועגען שפייזען זיך נור מיט פלאנצען און ניט מיט פלייש אדער פיש. אויף דעם נאמען פון סילוועסטער גרייהעם, אן אמעריקאנער רעפארמער און שרייבער איבער דיעטע (סיסטעם פון נאהרונג). געבארען אין יאהר 1794, געשטארבען אין 1851].

Gra'hamite *n.* (גריי'-עם-אִיט) אן אנהענגער פון סילוועסטער גרייהעם'ס טעאריען וועגען שפייזען; א וועגעטאריאנער.

grail *n. and v.* (גרייל) א גרויסער פלאכער בעכער; דער הייליגער גראל [א געוויסער בעכער וועגען וועלכען עס האט זיך געבילדעט ביי קריסטען א לעגענדע, אז פון איהם האט קריסטוס געטרונקען ביים לעצטען אבענדמאהל און אין וועלכען מען האט אריינגעכאפט די לעצטע טראפענס בלוט פון קריסטוס'ען ווען מען האט איהם אראבגענומען פון קרייץ]; אזא פייל וואס ווערט בענוצט פון קאמען=מאכער; מאכען קאמען מיט דיעזער פייל.

grain *n. and v.* (גריין) א קערנדעל [הויפטזעכליך א תבואה=קערנדעל]; תבואה; א גראן [געוויכט]; א ברעקעל, א פיצעל, א שטויב; די אויבערפלעכע [אין בעצוג צו גלאטקייט אדער שארפקייט]; דער שטריך אדער די ריכטונג פון די פיברען [אדערען, פעדים, פאזערען — פון האלץ]; פאזערדיגקייט, פעדימדיגקייט [פון האלץ]; כאראקטער, געבוי, נאטירליכע אייגענשאפט אדער נייגונג; דער שארלאך, פורפור [פארב]; א ניט בלאקירענדער קאליר; די האר=זייט פון לעדער; אויסגעברייעטע מאלץ [ברייע]; פויגעל=קויט [געברויכט ביים בעארבייטען לעדער]; אזא שפיזען צו כאפען פיש; צושטויסען, צומאלען, פערוואנדלען אין קערנדלעך; אבטיילען פון די קערנדלעך; אבפארבען אזוי, אז עס זאל אויסזעהן פאזערדיג, פעדימדיג אדער פיברדיג [ווי האלץ]; אראבנעהמען די האר פון פעל.

grai'nage *n.* (גריי'-נעדזש) קארן=געלד, שטייער אויף תבואות; א שטייער אמאל אין לאנדאן אויף אריינגעפיהרטע זאלץ; אזא מין געשווילעכץ אויף א פערד'ס פוס.

grain'-ber'ries *n.* (גריינ'-בער'-איז) שארלאך=יאגדעס [א מין רויטע יאגדעס].

grain'-bin'der *n.* (גריינ'-באינ'-דער) א מאשין צו בינדען תבואה אין סנאפעס אויף'ן פעלד.

grain'-brui'ser *n.* (גריינ'-ברוה'-זער) א מיהל צו צושטויסען תבואה=קערנער [אלס שפייז פאר בהמות].

grain'-car *n.* (גריינ'-קאר) א תבואה=וואגאן.

grain'-door *n.* (גריינ'-דאור) א טהיר אין א תבואה=וואגאן.

graine *n.* (גריין) די אייעלעך פון זייד=ווערים.

grained *a.* (גריינד) געפארבט אזוי, אז עס זאל אויסזעהן פאזערדיג, פעדימדיג אדער פיבערדיג [ווי האלץ]; צומאלען

אין קליינינקע קערנדלעך; פאזערדיג, פיבערדיג, פעדימדיג [ווי האלץ]; שארסטקע, ניט גלאט.

grai'ner *n.* (גריי'-נער) איינער וואס פארבט אזוי, אז עס זאל אויסזעהן פאזערדיג, פיבערדיג אדער פעדימדיג [ווי האלץ]; אזא בארשט וואס ווערט געברויכט ביי דיעזען מין פארבען; שטאף געמאכט פון טויבען=קויט [געברויכט ביים בעארבייטען לעדער]; א מעסער מיט וועלכען מען שאבט אב די האר פון פעל.

grai'nery *n.* (גריי'-נער-אי) א שפייכלער. ז. *granary*

grai'ning *n.* (גריי'-נינג) דאס פארבען אזוי, עס זאל אויסזעהן ווי האלץ [פיבערדיג אדער פאזערדיג]; דאס אויסזעהן ווי האלץ; דאס מאכען לעדער נארביג [מיט קארבלעך, געקנייטשט, קערנדיג]; דאס כאפען פיש מיט אזא שפיעז.

grain'-leath'er *n.* (גריינ'-לעטה'-ער) שיך=לעדער [געפארבט שווארץ].

grain'-mill *n.* (גריינ'-מיל) א מיהל.

grain'-moth *n.* (גריינ'-מאטה) א מאטען=פליגעלע, וועמעס לארווא שעדיגט די תבואות אין די שפייכלערס.

grain of allow'ance (גריין אוו ע-לאו'-ענס) א שטיקעל ענטשולדיגונג, א שטיקעל בערעכטיגונג.

grains *n.* (גריינז) אויסגעברייעטע מאלץ [ברייע]; פויגעל=קויט [צום בעארבייטען לעדער]; אזא שפיעז צו כאפען פיש; דער פלאץ וואו צוויי וואסער=שטראמען בעגעגענען זיך.

grain'-scale *n.* (גריינ'-סקייל) אן אויטאמאטישע וואג אויף עלעוואטארען צו וועגען תבואה.

grain'-side *n.* (גריינ'-סאיד) די קערניגע [געגארבטע] זייט פון א פעל [די אויבערשטע זייט, וואו עס איז פריהער געוועזן האר].

grain'-soap *n.* (גריינ'-סאופ) הארטע זייף.

grains of par'adise (גריינז אוו פער'-ע-דאיז) גן=עדן=קערנער [אזא געווירץ וואס וואקסט אין די הייסע געגענדען פון אפריקא].

grain'-tin *n.* (גריינ'-טין) ריינער ווייסער צין.

grain'-wee'vil *n.* (גריינ'-הוויע'וול) דער קארן=ווארים.

grai'ny *a.* (גריי'-ני) פול מיט קארן אדער קערנער; קערענדיג, ניט גלאט, שארסטקע.

gram. אבקירצונג פון *grammar*

gram *n.* (גרעם) א גראם [א געוויסע פראנצויזישע וואג=איינהייט וואס איז גלייך צו דער געוויכט פון א קוביק=סענטימעטער וואסער; א טויזענד=חלק פון א קילאגראם].

gramin'eal *a.* (גרע-מינ'-אי-על) גראזיג, גראז=ארטיג.

gramin'eous *a.* (גרע-מינ'-אי-אס) ז. *gramineal*

graminifo'lious *a.* (גרעמ-אי-ני-פאו'-לי-אס) מיט בלעטער וואס זיינען עהנליך צו גראז=בלעטלעך.

gramin'iform *a.* (גרע-מינ'-אי-פארם) גראז=פערמיג, וואס איז עהנליך צו גראז.

gram'inite *n.* (גרעמ'-אי-נאיט) גראמיניט [א מין גרינער מינעראל].

graminiv'orous *a.* (גרעמ-אי-ניוו'-א-ראס) וואס עסט גראז [ווי אקסען, פערד, ציעגען א. ד. ג.].

gram'mar *n.* (גרעמ'-אר) גראמאטיק; די וויסענשאפט, וועלכע ערפארשט דעם געבוי פון א שפראך; די קונסט צו געברויכען ריכטיג א שפראך אין שרייבען און רעדען; א זאמלונג פון גראמאטישע כללים; דאס שרייבען און רעדען לויט בעשטימטע כללים פון דער שפראך=בויאונג; א לעהר=בוך וועגען די גרונד=כללים פון וועלכער עס איז וויסענשאפט.

gramma'rian *n.* (גרע-מיי'-רי-ען) א שפראך=קענער, א גראמאטיקער.

gram'mar-school *n.* (גרעמ'-ער-סקוהל) די העכערע קלאסען פון אן עלעמענטארער שוהל [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

grammat'ic *a.* (גרע-מעט'-איק) גראמאטיקאליש; וואס איז נוגע צו גראמאטיק אדער צום געבוי פון א שפראך.

grammat'ical *a.* (גרע-מעט'-אי-קעל) ז. *grammatic*

grammat'ically *adv.* (גרע-מעט'-אי-קעל-אי) גראמאטיקאליש.

grammat'icalness *n.* (גרע-מעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין גראמאטיש.

grammat'icaster *n.* (גרע-מעט'-אי-קעס-טער) א שטארקער בעל מדקדק, א פעדאנט, א מקפיד אויף יעדען אות.

grammat'icise *v.* (גרע-מעט'-אי-סאיז) ז. *grammaticize*

grammat'icism *n.* (גרע-מעט'-אי-סיזם) א פונקט אדער כלל פון גראמאטיק.

grammat'icize *v.* (גרע-מעט'-אי-סאיז) מאכען גראמאטיקאליש; ארויסצייגען קענטניסע אין גראמאטיק.

grammatol'atry *n.* (גרעמ-ע-טאל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון ווערטער; דאס בוקען זיך פאר'ן בוכשטאב; דאס לעגען די אויפמערקזאמקייט אויף די ווערטער, ניט רעכענענדיג זיך מיט'ן אינהאלט.

gramme *n.* (גרעם) ז. *gram*

gram'ophone *n.* (גרעמ'-א-פאון) א גראמאפאן, אן אינסטרומענט וועלכער רעפראדוצירט טענער און קלאנגען.



Gramophone

gram'pus *n.* (גרעמ'-פאס) דער בוטס=קאפ אדער שווערד=וואלפיש [א מין וואלפיש].



Grampus

granadil'la *n.* (גרענ-ע-דיל'-א) גראנאדילא, די פרוכט פון א מין פלעכטענדע גרעזער אדער קוסטעס מיט בלויע בלומען וואס וואקסען אין די הייסע לענדער.

gran'ary *n.* (גרענ'-ע-רי) 1. א קארן=שפייכלער; 2. א געגענד וואס גיט ארויס ברויט פאר אנדערע געגענדען אדער לענדער.

2. The Mississippi valley is the granary of the United States.

grand *a.* (גרענד) גרויסארטיג, ערהאבען, פרעכטיג; גרויס, הערליך, נאבעל; הויפט, גרעסטער, וויכטיגסטער; ערשטער; פאלקאם; וואס איז כולל אלע פרטים.

gran'dam *n.* (גרענ'-דעם) ז. *grandame*

gran'dame *n.* (גרענ'-דיים) א באבע, א גרויסמוטער, אן אלטע פרוי.

Grand Ar'my of the Repub'lic (גרענד אר'-מי אוו טהי רי-פאב'-ליק) אין די פעראייניגטע שטאאטען — א געזעלשאפט פון די וועטעראנען, וועלכע האבען גענומען אנטייל אין בירגער=קריעג [1861—5], מיט דעם ציעל אויפצוהאלטען צווישען זיי ברידערליכקייט און שטיצען איינע די אנדערע אין דער צייט פון א נויט.

grand'aunt *n.* (גרענד'-ענט) אן עלטער=מוהמע.

grand'child *n.* (גרענד'-טשאילד) אן אייניקעל.

grand climacter'ic (גרענד קלאי-מעק-טער'-איק) דאס 63טע יאהר פון א מענשענס לעבען. ז. *climacteric*

grand'daughter *n.* (גרענד'-דאה-טער) אן אייניקעל [ווייבליך].

grand'-duke *n.* (גרענד'-דיוק) א גרויס=הערצאג; א גרויס=פירסט.

grand'-duke'dom *n.* (גרענד'-דיוק'-דאם) א גרויס=הערצאגטום; א גרויס=פירסטענטום.

grandee' *n.* (גרענ-דיע') א גראנד, איינער פון די שפאנישע אדעליגע; א מענש פון העכערען ראנג, אן אדעליגער.

grandee'ship *n.* (גרענ-דיע'-שיפ) די ווירדע אדער לאגע פון א גראנד אדער אדעליגען.

gran'deur *n.* (גרענ'-דיור) גרויסקייט, הויכקייט; הערליכקייט, פרעכטיגקייט, ערהאבענהייט, גלאנץ.

grand'father *n.* (גרענד'-פא-טהער) א גרויספאטער, א זיידע.

grandil'oquence *n.* (גרענ-דיל'-א-קוועגס) א הויכער סטיל, הויכע מליצות, קלינגענדע פראזען.

grandil'oquent *a.* (גרענ-דיל'-א-קוועגט) וועלכער רעדט מיט קלינגענדע פראזען אדער הויכע מליצות.

gran'diose *a.* (גרענ'-די-אוס) גראנדיעז, גרויסארטיג; אויפגעבלאזען, באמבאסטיש.

gran'diosely *adv.* (גרענ'-די-אוס-לי) אויף א גראנדיעזען אדער גרויסארטיגען אופן; באמבאסטיש.

grandios'ity *n.* (גרענ-די-אס'-אי-טי) דאס זיין גראנדיעז, גרויסארטיגקייט; דאס זיין אויפגעבלאזען אדער באמבאסטיש.

grandio'so *adv.* (גרענ-די-או'-סאו) אין מוזיק — אויף א גרויסארטיגען אדער גראנדיעזען אופן.

grand ju'ror (גרענד דזשוה'-ראר) א מיטגליעד פון אנקלאגע=געריכט. ז. *grand jury*

grand ju'ry (גרענד דזשוה'-רי) דאס אנקלאגע=געריכט [א געריכט פון געשווארענע, אין צאהל פון 12 ביז 23, וועלכע אורטיילען צי איז דא א חשד אויף א געוויסער פערזאן, אז זי האט בעגאנגען דעם פערברעכען].

grand lar'ceny (גרענד לאר'-סע-ני)

אין געזעצגעבונג — א גנבה פון א סומע פון אונגעפעהר איבער 25 דאלאר.

grand liqu'or (גרענד ליק'-אר) דער לעבענס-עליקסיר [דער געטראנק, וועלכען די אלכעמיקער האבען געזוכט, מיינענדיג, אז מיט אזא געטראנק קען מען מאכען פון טויט לעבעדיג].

grand lodge (גרענד לאדזש) די גראנד-לאזשע פון אן ארדען [די אנפיהרענדע גרופע פון דעם ארדען, וועלכע בעשטעהט פון דעלעגאטען פון אלע לאזשעס אונטער דעם פארזיץ פון גראנד-מייסטער].

grand'ly *adv.* (גרענד'-לי) אויף א גרויס-ארטיגען אופן.

grand'ma *n.* (גרענד'-מא) ז. *grandmamma*.

grand'mamma *n.* (גרענד'-מא-מא) א גרויס-מוטער, א באבע.

grand mas'ter (גרענד מעס'-טער) דער גרויס-מייסטער אדער הויפט פון אן ארדען.
He is grand master of a fraternal order.

grand'mother *n.* (גרענד'-מאטה-ער) א גרויסמוטער, א באבע.

grand'nephew *n.* (גרענד'-נעפ-יו) א גרויס-נעפע, דער זוהן פון א פלימעניק אדער פלימעניצע.

grand'ness *n.* (גרענד'-נעס) גרויסקייט, גרויסארטיגקייט, גראנדיאזיטעט.

grand'niece *n.* (גרענד'-ניעס) א גרויס-ניכטע, די טאכטער פון א פלימעניק אדער פלימעניצע.

grand old man (גרענד אולד מען) א זעהר בעליעבטער אלטער מאן; א זעהר בעליעבטער שטאאטסמאן.

Grand Old Par'ty (גרענד אולד פאר'-טי) די רעפובליקאנער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

grand op'era (גרענד אפ'-ע-רא) גראנד-אפערא [א הויך-קלאסישע אפערא, וואס ווערט דורכאויס געזונגען און אקאמפא-נירט פון א גרויסען ארקעסטער].

grand'pa *n.* (גרענד'-פא) ז. *grandpapa*.

grand'papa *n.* (גרענד'-פא-פא) א גרויספאטער, א זיידע.

grand'parent *n.* (גרענד'-פעהר-ענט) א זיידע אדער א באבע.

grand pian'o (גרענד פי-ענ'-או) א קלאוויר, א פליגעל-פיאנא.

grand'-relief' *n.* (גרענד'-רי-ליעף') אין סקולפטור — הויך-רעליעף, הויך-בולט.

grand se'cret (גרענד סי'-קרעט) די גרויסע געהיימניס, יענע וועלט.

grand'sire *n.* (גרענד'-סאיר) דער זיי-דע; דער אורפאטער פון א משפחה.

grand'son *n.* (גרענד'-סאן) אן אייניקעל [מענליך].

grand'uncle *n.* (גרענד'-אנקל) אן עלטער-פעטער.

grange *n.* (גריינדזש) א פערמע, א כוי-טאר; אין די פעראייניגטע שטאאטען — א לאזשע פון א פארמער-ארדען, וואס האט זיך געשטעלט דעם ציעל מיטצוהעלפען דער ענטוויקלונג פון ערד-ארבייט.

gran'ger *n.* and *a.* (גריינ'-דזשער) א מיטגליעד פון דעם פארמער-ארדען אין אמעריקא; א פערמער, א דארף-יונג; וואס איז שייך צו א פערמע אדער כוי-טאר.

gran'gerism *n.* (גריינ'-דזשער-איזם) די פרינציפען און מעטאדען פון דעם פארמער-ארדען אין אמעריקא; דאס אי-לוסטרירען א בוך, אריינקלעפענדיג אין איהם אילוסטראציאנען פון אנדערע בי-כער.

gran'gerite *n.* (גריינ'-דזשער-איט) איינער וואס אילוסטרירט א בוך מיט אי-לוסטראציאנען ארויסגעריסען פון אנדערע ביכער.

gran'gerize *v.* (גריינ'-דזשער-איז) אי-לוסטרירען א בוך מיט ארויסגעשניטענע אילוסטראציאנען פון אנדערע ביכער.

gran'gerizer *n.* (גריינ'-דזשער-אי-זער) ז. *grangerite*.

granif'erous *a.* (גרע-ניפ'-ע-ראס) וואס טראגט קערנער.

gran'iform *a.* (גרענ'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א קערנדעל.

gran'ite *n.* (גרענ'-איט) גראניט [א מין שטיין]; א מין געפרארענער געטראנק [שערבעט]; גראניט-געשיר. ז. *granite-ware*.

gran'ite-ware *n.* (גרענ'-איט-הוועהר) גראניט-געשיר [אייזערנע אדער לײמענע געשיר דעקארירט אזוי, אז זיי זעהען אויס ווי גראניט].

granit'ic *a.* (גרע-ניט'-איק) פון גרא-ניט-שטיין.

granit'iform *a.* (גרע-ניט'-אי-פארם) גראניט-פערמיג; וואס זעהט אויס ווי גראניט.

gran'itoid *a.* (גרענ'-אי-טאיד) עהנליך צו גראניט.

graniv'orous *a.* (גרע-ניוו'-א-ראס) וואס עסט קערנער [ווי א פויגעל].

grant *v.* and *n.* (גרענט) בעווילינגען, שענקען; געבען א קאנצעסיע, בעווילינגען א רעכט אדער פריווילעגיע; געזעצליך, אפיציעל איבערטראגען אייגענטום; צוגע-בען [די ריכטיגקייט פון עפעס]; בעווי-ליגונג; איבערטראגונג פון אייגענטומס-רעכט [דורך אפיציעלע דאקומענטען]; דאס שענקען אדער בעווילינגען [רעכטע און פריווילעגיעס]; דאס צוגעבען [די ריכטיגקייט פון עפעס]; א קאנצעסיע, עט-וואס וואס ווערט בעווילינגט [אויף א פא-טענט, אלס פריווילעגיע א. ז. וו., הויפט-זעכליך טראקטען לאנד וואס ווערען אוועק-געגעבען צו אייזענבאהן-קאמפאניעס, קא-לאניסטען א. ז. וו.].

gran'table *a.* (גרענ'-טעבל) וואס קען בעווילינגט ווערען, געגעבען ווערען אדער צוגעגעבען ווערען.

grant a lease (גרענט ע ליעס) געבען א קאנצעסיע.

gran'ted *a.* (גרענ'-טעד) בעווילינגט, גע-שאנקען; איבערגעטראגען [ווענען איי-גענטומס-רעכט]; צוגעגעבען, אנגענומען אלס זעלבסטפערשטענדליך.

gran'ted to be so (גרענ'-טעד טו בי סאו) אנגענומען אז עס איז אזוי.

grantee' *n.* (גרענ-טיע') איינער וועמען עפעס ווערט בעווילינגט אדער געשאנקען; איינער וועמען מען גיט איבער אויף א קאנטראקט אייגענטומס-רעכט; איינער וועלכער קריגט געוויסע רעכטע אדער פריווילעגיעס; איינער וואס קריגט א קאנצעסיע; א קאנצעסיאנער.

gran'ter *n.* (גרענ'-טער) ז. *grantor*.

gran'tor *n.* (גרענ'-טאר) איינער וואס בעווילינגט, גיט איבער אייגענטומס-רעכט, גיט א קאנצעסיע אדער גיט צו די ריכטיג-קייט פון עפעס.

gran'ula *n.* (גרענ'-יו-לא) א קליין קערנדעל.

gran'ular *a.* (גרענ'-יו-לאר) קערנער-דיג; עהנליך צו קערנדלעך.

granular'ity *n.* (גרענ-יו-לער'-אי-טי) קערנערדיגקייט.

gran'ularly *adv.* (גרענ'-יו-לער-לי) ווי קערנדלעך; אין קערנדלעך.

gran'ulate *v.* and *a.* (גרענ'-יו-לייט) צושטויסען אדער צומאלען אין קערנדלעך; ווערען צושטויסען אדער צומאלען אין קערנדלעך; בעדעקען מיט קליינינקע קערנ-דלעך; מאכען שארסטקע; צומאלען; צו-שטויסען; קערניג [שארסטקע, ניט גלאט, ניט גלייך].

gran'ulated *a.* (גרענ'-יו-לייט-טעד) קערנערדיג; צומאלען, צושטויסען; קער-ניג [ווי בעדעקט מיט קליינינקע קערנ-דלעך, ניט גלייך, ניט גלאט, שארסטקע].

gran'ulating-machine' *n.* (גרענ'-יו-לייט-טינג-מע-שין') א גראנוליר-מאשין [א מאשין וואס פערוואנדעלט מעטאל אין פיינע קערנדלעך אדער א מאשין צום מא-לען שיס-פולווער].

granula'tion *n.* (גרענ-יו-ליי'-שאן) דאס צומאלען, דאס צושטויסען; דאס ביל-דען זיך פון נייעם געוועב [ביי דער פער-היילונג פון א וואונד].

gran'ulative *a.* (גרענ'-יו-ליי-טיוו) צומאלענדיג, צושטויסענדיג; צושטויבט, צומאלען; בילדענדיג א נייעם געוועב [ביי דער פערהיילונג פון וואונדען].

gran'ule *n.* (גרענ'-יול) א קליין קערנ-דעל, א קליין טיילכעל, א שטויבעלע.

granulif'erous *a.* (גרענ-יו-ליפ'-ע-ראס) צושטויסענדיג, צומאלענדיג, פער-וואנדלענדיג אין קערנדלעך; קערנערדיג.

gran'uliform *a.* (גרענ'-יו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א קערנדעל.

gran'ulite *n.* (גרענ'-יו-לאיט) גראנוליט [א מינעראל וואס בעשטעהט פון קווארץ און פעלדשפאט].

granulit'ic *a.* (גרענ-יו-ליט'-איק) וואס איז שייך צו גראנוליט. ז. *granulite*.

gran'ulize *v.* (גרענ'-יו-לאיז) מאכען פילען אדער קאפסולען.

house'holds *n.* (האוס'-האולדז) דער בעסטער זארט ווייצען=מעהל.

house'hold stuff (האוס'-האולד סטאף) הויז=זאכען, מעבעל, חפצים.

house'hold suf'frage (האוס'-האולד סאפ'-רעדזש) דאס ענגלישע וואהלרעכט=געזעץ פון יאהר 1867 און 1884, וואס גיט שטימרעכט צו יעדען, וועלכער האט אן אייגען הויז אדער וואהנט אין א דירה, צאהלענדיג א געוויסען מינימום דירה=געלד.

house'hold word (האוס'-האולד הווארד) א ווארט אדער זאגע וואס ווערט געברויכט אין ענגע פאמיליען=קרייזען.

house'-hunt'ing *n.* (האוס'-האנט-אינג) דאס זוכען א דירה.

house'keeper *n.* (האוס'-קיפ-פער) א הויז=אויפזעהער, א דווארניק, איינער וואס פערוואלטעט אדער פאסט אויף אויף א הויז; איינער וואס פערנעהמט א הויז מיט זיין פאמיליע.

house'keeping *n. and a.* (האוס'-קיפ-פינג) הויז=האלטונג, הויז=פערוואלטונג; היימיש.

house'-lamb *n.* (האוס'-לעם) א שעפס=לע וואס מען פיטערט אין הויז.

house'leek *n.* (האוס'-ליעק) דער וויל=דער קנאבעל [א מין גראז מיט קליינע דיקע בלעטער און געלבע בליטהען. וואקסט אויף זאמד, שטיינער און אויף אלטע דע=כער].

Houseleek

house'less *a.* (האוס'-לעס) אהן א הויז, אהן אן אבדאך.

house'lessness *n.* (האוס'-לעס-נעס) הויזלאזיגקייט, היימלאזיגקייט.

house'maid *n.* (האוס'-מייד) א קאמער=מיידעל, א פאקאיעווע, א דיענסט=מיידעל.

house'-mar'tin *n.* (האוס'-מאר'-טין) ז. *house-swallow*.

house'mother *n.* (האוס'-מאטה-ער) די הויז=מוטער, די הויז=פערזארגעריז.

house of accommoda'tion (האוס אוו ע-קאמ-א-דיי'-שאן) א קרעטשמע, אן אכסניא.

house of call (האוס אוו קאהל) א הויז וואו ארבייטער קומען זיך צונויף.

House of Com'mons (האוס אוו קאמ'-אנז) די אונטערשטע פאלאטע אין ענגלי=שען פארלאמענט [דאס דעפוטאטען=הויז], אין געגענזאץ צו דער אויבערשטער פא=לאטע [לארדען=הויז].

house of correc'tion (האוס אוו קא-רעק'-שאן) א שטראף=אנשטאלט אדער גע=פענגניס [פאר ניט=וויכטיגע פערברעכער].

house of deten'tion (האוס אוו די-טענ'-שאן) אן ארעסט=הויז, וואו מען פער=האלט אז עדות [און אפט אויך בעשולדיג=טע] ביז'ן געריכט.

house of entertain'ment (האוס אוו ען-טער-טיין'-מענט) א גאסטהויז, אן אכסניא.

house of eter'nity (האוס אוו אי-טויר'-ני-טי) א בית=עולם, א בית=עלמין.

house of God (האוס אוו גאד) דאס געטס=הויז, א בית תפילה, א קירך.

house of Is'rael (האוס אוו איז'-רע-על) בית ישראל, דאס אידישע פאלק.

House of Lords (האוס אוו לארדז) דאס לארדען=הויז, די אויבערשטע פאלאטע פון דעם ענגלישען פארלאמענט.

house of of'fice (האוס אוו אפ'-איס) אן אבטרעט, א בית=הכסא; א שפייז=קאמער.

House of Peers (האוס אוו פיערז) ז. *House of Lords*.

house of pray'er (האוס אוו פרעהר) א בית=תפילה, א שוהל, א קירך.

house of ref'uge (האוס אוו רעפ'-יודזש) א הקדש, אן ארט וואו עס האלטען זיך אויף אביונים.

House of Represen'tatives (האוס אוו רעפ-רי-זענ'-טע-טיווז) דאס אונטער=שטע הויז פון קאנגרעס [פארלאמענט] אין די פערייניגטע שטאאטען פון אמע=ריקא.

house'-pain'ter *n.* (האוס'-פיינ'-טער) א הויז=מאלער, איינער וואס פארבט און דעקארירט הייזער.

house'-pig'eon *n.* (האוס'-פידזש'-אן) א הויז=טויב [צום אונטערשייד פון א ווילדער טויב].

house'-room *n.* (האוס'-רוהם) פלאץ אין א הויז, געראמקייט.
His home has plenty of **house-room**.

house'-spar'row *n.* (האוס'-ספער'-או) א שפערלינג, א ווארעביי [א קליין, גרוי פויגעלע וואס האלט זיך נאהענט ארום מענשליכע וואהנונגען].

house'-spi'der *n.* (האוס'-ספאי'-דער) א הויז=שפין.

house'-staff *n.* (האוס'-סטאף) די שטענ=דיגע דאקטוירים און פעלדשארעס וואס גע=פינען זיך אין א האספיטאל.

house'-stew'ard *n.* (האוס'-סטיו'-ארד) איינער וואס פערוואלטעט די הויז=ווירטה=שאפט, אן עקאנאם.

house'-swal'low *n.* (האוס'-סוואל'-או) די געוועהנליכע אייראפעאישע שוואלב.

house'top *n.* (האוס'-טאפ) דער שפיץ פון א הויז, דער דאך.
People watched the parade from the **house-tops**.

house'warming *n.* (האוס'-הוואהר-מינג) א חנוכת=הבית, א יום=טוב וואס א פאמיליע מאכט בעניינגדיג א הויז.

house'wife *n.* (האוס'-הוואיף) א הויז=פרוי, א בעל=הבית'טע, א ווירטהין; א הויז=האלטעריז; א נעה=קעסטעלע.

house'wifely *a. and adv.* (האוס'-הוואיפ-לי) וואס איז שייך אדער וואס כא=ראקטעריזירט א הויז=ווירטהין; מעשה בעל=הבית'טע.

house'wifery *n.* (האוס'-הוואיפ-רי) די בעשעפטיגונג פון א הויז=ווירטהין; די הויז=פערוואלטונג פון א פרוי.

house'work *n.* (האוס'-הווירק) הויז=ארבייט; שטוביגע מלאכות.

hou'sing *n.* (האו'-זינג) דאס אריינגעה=מען אין א הויז; דאס געבען אן אבדאך; א שיצונג, בעדעקונג; אין טישלעריי — די פוגע, דער אויסשניט אין א ברעט אדער האלץ אריינצושטעלען אן אנ=דער ברעט אדער האלץ; אין ארכיטעק=טור — א נישע אדער פערטיעפונג אין א

וואנד, וואו עס שטעלט זיך א סטאטוע אדער אן אנדער ארנאמענט; א קאנאט פון א שיף, וואס איז צוזאמענגעדרעהט פון דריי בעזונדערע שטריק; דער לאגער פון א מאשין, וואו עס ליעגט דער ענד פון א זיך דרעהענדער אקס אדער וואל; די טיילען פון א מאשין, אין וועלכע דער לאגער איז איינגעפאסט; א דעקע, א פערציערטער צודעק; א פערד־דעקע.

hove (האווו) געהויבען, אויפגעהויבען. ז. *heave*

hov′el *n. and v.* (האוו′-על) א פאוועט אדער א דאך אהן ווענד, וואו מען האלט פיה און מען לעגט אב סחורות זיי זאלען זיך ניט פערנעצען אונטער'ן רעגען; א קליין שטיבעל, א הייזקע; א חורבה; פערטרייבען פיה אונטער אן אבדאך; געבען אן אבדאך.

hov′eling *n.* (האוו′-על-אינג) א געוויסער אופן פון בויען קוימענס אז זיי זאלען ניט רויכערען; דער קוימען געבויט אויף אזא אופן.

hov′elling *n.* (האוו′-על-אינג) ז. *hoveling*

hov′er *v.* (האוו′-ער) שוועבען, פלאטערען; פאטשען מיט די פליגלען; הענגען בעוועגענדיג זיך איבער עפעס; זיין אדער האלטען זיך צווישען [ווי צווישען לעבען און טויט]; זיך ארומדרעהען [ארום א פלאץ]; פארזיכטיג אדער צעגערענד ארומגעהן; בעשיצען אונטער די פליגלען.

hov′erer *n.* (האוו′-ער-ער) איינער וואס שוועבט, פלאטערט אדער דרעהט זיך ארום צעגערענד [ז. *hover*]; א פלאץ צו האלטען ווארעם יונגע נור־וואס אויסגעבריהטע העהנדעלעך.

how *adv. and n.* (האו) ווי; ווי אזוי; אויף וועלכען אופן; פאר וועלכען פרייז; ווארום; דער אופן; דער שטייגער; די ארט.

howbe′it *adv.* (האו-בי′-איט) דאך; טראץ דעם; עס מעג זיין וואס עס וויל.

how′dah *n.* (האו′-דא) א ביידעל אויף אן עלפאנט.

how do you do? (האו דו יו דו) וואס מאכט איהר? ווי איז אייער געזונד?

how′dy *int.* (האו′-די) א פערקירצונג פון די ווערטער *how do you do*

how′dy-do′ *n.* (האו′-די-דו′) א בעגריסונג [ז. *howdy*]; אן אונערווארטעטע צרה אדער פערלעגענהייט.

how′el *n. and v.* (האו′-על) א באנדאר־הובעל, א באנדאר־געצייג צו מאכען גלאט א פעסעל; מאכען גלאט מיט דער הילף פון א באנדאר־הובעל.

howev′er *adv. and c.* (האו-עוו′-ער) ווי אויך [ווי עס זאל אויך ניט זיין]; פון דעסטוועגען; דאך.

I am delayed. **However** I shall be able to complete my work.

how fare you? (האו פעהר יו) וואס מאכט איהר? ווי געהט עס?

how′itzer *n.* (האו′-איט-סער) די האוביצע [א מין קורצער הארמאט].

Howitzer

howl *v. and n.* (האול) וואיען [ווי א הונד אדער א וואלף]; ברילען; קלאגען; דאס וואיען; א קלאג־געשריי.

howl at (האול עט) בילען, האווקען אויף...

howl′er *n.* (האול′-ער) איינער וואס וואיעט אדער ברילט; די בריל־אפע [אן אבעזיאנע, וואס געפינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא און וועלכע וואיעט זעהר הויך].

Howler

how′let *n.* (האו′-לעט) די וואלד־אוילע אדער סאווע [א מין נאכט־פויגעל].

howl′ing *a.* (האול′-אינג) 1. וואיענדיג, שרייענדיג, ברילענדיג; זעהר הויך [לויט]; 2. גוואלדיג, אונגעהייער.

2. The picnic was a **howling** success.

how much? (האו מאטש) וויפיעל קאסט עס? וואס איז דער פרייז?

how′soev′er *adv.* (האו′-סא-עוו′-ער) ווי עס זאל אויך ניט זיין, אין וואס פאר אן ארט עס איז; אבוואהל; פון דעסטוועגען; יעדענפאלס; דאך.

hoy *n. and int.* (האי) אזא קליין טראנספארט־שיפעל; היי! היידא! [אן אויפרוף צו ציהען אימעצענס אויפמערקזאמקייט].

hoy′den *n., a. and v.* (האידן) ז. *hoiden*

H. P. ראשי תבות פון *horse-power*

H. R. ראשי תבות פון די ווערטער *House of Representatives*

hub *n.* (האב) א ראד־נאבע [דער מיטעלסטער טייל פון א ראד אין וועלכען עס ליעגט דער אקס]; א צענטראלער אדער וויכטיגער פונקט; א האלץ־קלעצעל אבצוהאלטען א ראד פון א וואגען; א קורצער אייזען־ראהר מיט איינגעשניטענע שרויפען פון ביידע ענדען פון אינוועניג כדי איהם צונויפצושרויפען מיט אנדערע רעהרען; א שטאהל־שטעמפעל צו מאכען מטבעות, מעדאלען א. ד. ג.; אן אינסטרומענט פון הארטען שטאהל צו מאכען שרויפען אדער געצייג מיט שרויפען; א ציעל־צייכען צו וועלכען א דיסק ווערט געווארפען; א שטיעל אדער גריף פון א וואפע; אן ארויסשטארצונג.

Hub *n.* (האב) די שטאדט באסטאן [ווערט אזוי גערופען הומאריסטיש צוליעב דעם וואס באסטאן רעכענט זיך אלס דער צענטער פון קולטור אין אמעריקא].

hub′-band *n.* (האב′-בענד) דער אייזערנער רינג וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף א נאבע פון א ראד [דער מיטעלסטער טייל פון א ראד וואו דער אקס ווערט אריינגעשטעלט].

Hub′bite *n.* (האב′-איט) א באסטאנער [אין א הומאריסטישען זין]. ז. *Hub*

hub′ble *n.* (האבל) א קליין בערגעל, א גרודע.

hub′ble-bub′ble *n.* (האב′ל-באב′ל) א געפילדער, א טומעל; אזא פיפקע [ליולקע] פאר טאבאק־רויכערער אין פערזיען און אינדיען.

Hubble-bubble

hub′bly *a.* (האב′-לי) שארסטיג, גרודיג, פול מיט בערגלעך.

hub′bub *n.* (האב′-אב) א טומעל, א ליארם, א סומאטאכע.

hub′by *a. and n.* (האב′-אי) בערגעלדיג, גרודיג, שארסטיג; מאנעלע [א ליעבלינגסנאמען פערקירצט פון *husband*].

hub′-deep *a.* (האב′-דיעפ) איינגעזונקען ביז די אקסען.

huck′aback *n. and a.* (האק′-ע-בעק) אזא דיקער שארסטיגער לייווענט אדער באוועל־שטאף וואס ווערט געברויכט פאר האנד־טיכער; וואס איז געמאכט פון דיעזען שטאף.

huck′le *n.* (האקל) א היפט; עטוואס וואס שטארצט ארויס ווי א היפט.

huck′le-backed *a.* (האק′ל-בעקט) מיט א הויקער, הארבאטע.

huck′leberry *n.* (האק′ל-בער-אי) די היידעל־בעערע [א מין שווארצע אדער רויטע יאגדעס מיט א בלויליכען קאליר]; דער קוסט, אויף וועלכען עס וואקסען בלויע יאגדעס אדער היידעל־בעערע.

Huckleberry

huck′lebone *n.* (האק′ל-באון) דער היפטען אדער שפרונג־ביין.

huck′ster *n. and v.* (האק′-סטער) א קליין־הענדלער; איינער וואס האלט זיין גאנצע סחורה אויף די פלייצעס, אין א קעסטעל אדער אויף א וועגעל און שרייט אויס וועגען זיינע סחורות; פערקויפען סחורה אויף אזא אופן.

huck′stress *n.* (האק′-סטרעס) א סעדעכע, א מארק־פרוי.

hud′dle *v. and n.* (האדל) צוזאמענווארפען, אנווארפען אהן שום ארדנונג; גיך אבטהאן א זאך [ניט אבגעבענדיג זיך מיט די איינצעלהייטען]; שנעל ארויפווארפען אויף זיך עפעס; זיך דרענגען, זיך דריקען; א צונויפגעדרענגטע מאסע, א מענגע, א הויפען.

hud′dle in (האדל אין) אריינשטופען זיך.

hud′dle on (האדל אן) ארויפכאפען, ארויפווארפען [אויף זיך א קליידעל].

hud′dler *n.* (האד′-לער) איינער וואס ווארפט צונויף זאכען אהן א שום ארדנונג.

hud′dle up (האדל אפ) גיך אבטהאן, גיך אבענדיגען א זאך.

hue *n.* (היו) א פארב, א קאליר, א שאטירונג; א געשריי, א טומעלדיגער רעש פון פיעלע שטימען.

hue and cry (היו ענד קראי) א ליארם אדער א געפילדער; דאס מאכען אן אלארם ביים נאכלויפען א פערברעכער; אין ענגלאנד — א געשריבענער אלארם־אויפרוף צו העלפען כאפען אן אנטלאפענעם פערברעכער.

hued *a.* (היוד) פון א בעשטימטען קאליר אדער קאליר־שאטירונג.

BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY



Fig. 1. The Heart.
(Both Ventricles are opened.)



Fig. 2.
Auricles of the Heart.



Fig. 3. Pulmonary Circulation (small circulation).



Fig. 4. Circulation of the Portal System.
(The Union of the veins of the stomach, intestines, spleen and pancreas with the trunk of the Portal Vein is covered by the stomach.)



Fig. 5. Circulation of the Blood in the Body
(large circulation)
(The Viscera of the Portal System, Fig. 4, have been removed from the abdominal cavity.)

The red lines indicate the Arteries, the blue lines the Veins

hue'less *a.* (היו'-לעס) אהן קאליר, אהן שאטירונג, בלאס.

hu'er *n.* (היו'-ער) א פישער וואס שטעהט אויף דער וואך און גיט א סיגנאל ווען עס קומט אן א סטאדע הערינג אדער אנדערע פיש וואס וואנדערען אין מאסען אין געוויסע צייטען פון יאהר.

huff *v., n. and a.* (האף) זיך אנצינדען פון כעס, ארויס פון די כלים; זיין קאפריזנע, זיך אנבלאזען; ווערען גרויס ביי זיך, שטאלץ אדער חוצפה'דיג; אנבלאזען, אויפבלאזען; בעהאנדלען גראב, מיט כעס אדער חוצפה'דיג; אין שאכמאט־שפיעל — צונעהמען א פיגור; אין דאמקעס־שפיעל — צונעהמען ביים געגנער א פעשקע אלס שטראף, ווען ער פערנאכלעסיגט צוצונעהמען יענעמס א פעשקע; אן אויסברוך פון צארן; דאס ווערען שטאלץ, חוצפה'דיג, קאפריזנע אדער שלעכט־געשטימט; אויפגעבלאזען, שטאלץ; צארנדיג, אין כעס; קאפריזנע.

huff and puff (האף ענד פאף) דונערען און שטורמען; גוואלדעווען און פילדערען.

huff'ily *adv.* (האפ'-אי-לי) שטאלץ; אנגעבלאזען, קאפריזנע; אין כעס, חוצפה'דיג.

huff'iness *n.* (האפ'-אי-נעס) אנגעבלאזענקייט, שטאלץ, חוצפה; צארן, שלעכטע שטימונג, קאפריזנעקייט.

huff'ingly *adv.* (האפ'-אינג-לי) ז. ***huffily***

huff'ish *a.* (האפ'-איש) ז. ***huffy***

huff'ishly *adv.* (האפ'-איש-לי) ז. ***huffily***

huff'ishness *n.* (האפ'-איש-נעס) ז. ***huffiness***

huff'y *a.* (האפ'-אי) אנגעבלאזען, שטאלץ, קאפריזנע, חוצפה'דיג, אין כעס.

hug *v. and n.* (האג) ליעגען נאהענט איינער צום צווייטען; שטארק ארומנעהמען; שטארק זיך האלטען אן עפעס; זיך ארומטראגען מיט עפעס; אומארמונג.

hug a belief' (האג ע בי-ליעף') האלטען זיך פעסט אין א גלויבען, שטארק גלויבען אין עפעס.

huge *a.* (היודזש) זעהר גרויס, אונגעהייער, ריעזיג.

huge'ly *adv.* (היודזש'-לי) אויף א גרויסען, אונגעהייערען, ריעזיגען שטייגער.

huge'ness *n.* (היודזש'-נעס) אונגעהייערע גרויסקייט, געוואלדיגע גרויס.

hug'ger *n.* (האג'-ער) איינער וואס נעהמט ארום אדער וואס אומארמט.

hug'ger-mug'ger *v., n. and a.* (האג'-ער-מאג'-ער) פערשטיקען עפעס; טהון עפעס אין געהיים: בעהעלטעניש, פערבארגענהייט; דאס האלטען אדער טהון עפעס אין געהיים; בעהאלטען, געהיים, כיטרע, הינטען־ארום; אהן ארדנונג, אהן טאלק.

hug in a sin (האג אין ע סין) זיין צוגעבונדען צו א תאוה.

hug one's self (האג הוואנז סעלף) אנקוועלען פון זיך אליין.

hug the land (האג טהי לענד) געהן ווי מעגליך נאהענט צום ברעג [ווענען א שיף].

hug the shore (האג טהי שאור) געהן ווי מעגליך נאהענט צום ברעג [ווענען א שיף].

Hu'guenot *n.* (היו'-גע-נאט) א הוגענאט [א פראטעסטאנט פון דער קאלוויניסטישער ריכטונג אין פראנקרייך אין זעכצעהנטען און זיעבצעהנטען יאהרהונדערט. די הוגענאטען זיינען זעהר שטארק פערפאלגט געווארען אין פראנקרייך. אין דער נאכט פון 24טען אויגוסט 1572 איז אין פאריז געמאכט געווארען א גרויסע שחיטה אויף די הוגענאטען וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע מיט דעם נאמען די בארטהאלאמעאוס־נאכט].

Hu'guenotism *n.* (היו'-גע-נאט-איזם) דער גלויבען און די פרינציפען פון די הוגענאטען. ז. ***Huguenot***

hulk *n. and v.* (האלק) דער קערפער פון א שיף [אהן די מאסטען, שטריק און די איבריגע אויסריכטונגען]; אן אלטע, אבגענוצטע שיף [הויפטזעכליך אין ענגלאנד א שיף פאר ארעסטאנטען]; עטוואס וואס איז שווער און אומגעלומפערט; א. שווערער, גרויסער, אומגעלומפערטער מענש.

hul'king *a.* (האל'-קינג) שווער, גרויס, אומגעלומפערט.

hul'ky *a.* (האל'-קי) ז. ***hulking***

hull *n. and v.* (האל) די הילזע [די אויסערע בעדעקונג פון עפעס]; א שאלעכץ, א סטרוטשקע, א שויט [פון ארבעס אדער בעבלעך]; דער קערפער פון א שיף [אהן די שטריק־ווערק און מאסטען]; שיילען, לושטשען; דורכשיסען דעם קערפער פון א שיף.

hullabaloo' *n.* (האל-ע-בע-לוה') א געטומעל, א געשריי, א מהומה.

hull down (האל דאון) אזוי ווייט, אז מען זעהט נור ארויס די מאסטען [ווענען א שיף].

hulled bar'ley (האלד באר'-לי) גערשטען־גרויפען.

hull'er *n.* (האל'-ער) איינער אדער עטוואס וואס שיילט אדער נעהמט אראב די שאלעכץ; א מאשין צו רייניגען באוועלפלאנצען.

hull'er-gin *n.* (האל'-ער-דזשין) א מאשין צו רייניגען באוועל־פלאנצען.

hull'-gull *n.* (האל'-גאל) אזא קינדערשפיעל וואס בעשטעהט אין דעם וואס מען דארף טרעפען וויפיעל זאכען איינער האט אין דער פערמאכטער האנד.

hull'ing-machine' *n.* (האל'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס נעהמט אראב די שאלעכץ פון תבואה־קערנער; א גרויפען־מאשין.

hull'ing-mill *n.* (האל'-אינג-מיל) א גרויפען־מיהל.

hullo' *int.* (הא-לאו') ז. ***hello***

hull'y *a.* (האל'-אי) וואס איז בעדעקט מיט א שאלעכץ אדער שויט.

hum *v., n. and int.* (האם) זשומען, זשוזשען [ווי א ביען]; מורמלען; אונטערברומען; צעגערען אין ריידען, המ'קען; זיך זאאיקען, שטאמלען; אבנארען; א זשומען, א זשוזשען, א געמורמעל; בעטרוג, נארעריי; הם!

hu'man *a. and n.* (היו'-מען) מענשליך; א מענש.

hum and haw (האם ענד האה) מאכען איינווענדונגען; זיך זאאיקען; זיין אונענטשלאסען.

humane' *a.* (היו-מיין') מענשליך, גוטהארציג; הומאניטאר, וואס מאכט מענשליכער, בעסער [הויפטזעכליך ווענען דער שעהנער ליטעראטור, פילאלאגיע און קלאסישער ליטעראטור].

humane' lear'ning (היו-מיין' לויר'-נינג) הומאניטארע וויסענשאפטען; די קלאסישע [גריכישע און רוימישע] שפראכען און ליטעראטור. ז. ***humane***

humane'ly *adv.* (היו-מיינ'-לי) מיט מענשליכקייט, מיט גוטהארציגקייט, הומאניטאר.

humane'ness *n.* (היו-מיינ'-נעס) מענשליכקייט, גוטהארציגקייט.

hu'man-hear'tedness *n.* (היו'-מען-הארט'-טעד-נעס) מענשליכקייט, גוטסקייט.

humanisa'tion *n.* (היו-מענ-אי-זיי'-שאן) ז. ***humanization***

hu'manise *v.* (היו'-מענ-איז) ז. ***humanize***

hu'maniser *n.* (היו'-מענ-אי-זער) ז. ***humanizer***

hu'manism *n.* (היו'-מענ-איזם) מענשליכקייט, הומאניטעט; הומאניזם, קלאסישע בילדונג און קולטור [צו ענדע פון 15טען יאהרהונדערט, ווען אין אייראפא האט צוריק אויפגעבליהט די קלאסישע בילדונג און קולטור].

hu'manist *n. and a.* (היו'-מענ-איסט) א הומאניסט, איינער וואס שטודירט די קלאסישע [אלט־רוימישע און אלט־גריכישע ליטעראטור]; איינער וואס שטודירט די מענשליכע נאטור; הומאניסטיש.

humanis'tic *a.* (היו-מע-נים'-טיק) וואס איז שייך צו דער מענשהייט אדער מענשליכקייט; הומאניסטיש. ז. ***humanism***

humanis'tically *adv.* (היו-מע-נים'-טי-קעל-אי) מיט מענשליכקייט, מיט גוטהערציגקייט; הומאניסטיש. ז. ***humanism***

humanita'rian *n. and a.* (היו-מענ-אי-טיי'-רי-ען) א הומאניטאריער, א וואהלטהעטער, א פילאנטראפ; א קריסט וואס גלויבט ניט אין קריסטוס'עס געטליכער אבשטאמונג, אן אוניטאריער.

humanita'rianism *n.* (היו-מענ-אי-טיי'-רי-ענ-איזם) הומאניטארישע פרינציפען, מענשען־ליעבע; וואהלטהעטיגקייט, פילאנטראפיע; די לעהרע אז קריסטוס איז געווען א בשר־ודם און ניט גאט'ס זוהן.

human'ity *n.* (היו-מענ'-אי-טי) מענשליכקייט; מענשהייט; מענשען־ליעבע, הומאניטעט; דאס שטודירען די מענשליכע נאטור; דאס שטודירען די הומאניטארע ליטעראטור [די שעהנע ליטעראטור, די קלאסישע ליטעראטור, פילאלאגיע, גראמאטיק און רעטאריק].

humaniza'tion *n.* (היו-מענ-אי-זיי'-שאן) פערמענשליכונג, פערעדלונג.

hu'manize *v.* (היו'-מענ-איז) פערמענשליכען, פערפיינערען, פערעדלען; אויסגעעדעלט ווערען, מענשליכער ווערען.

hu'manized lymph (היו'-מענ-איזד לימף) ז. ***humanized vaccine***

hu'manized vac'cine (היו'-מענ-איזד וועק'-סין) פאקען־שטאף גענומען פון מענשליכע פאקען [ניט פון בהמות].

hu'manizer *n.* (היו'-מענ-אי-זער) איינער וואס עדעלט אויס, בילדעט אויס, מאכט מענשליכער.

hu'mankind *n.* (היו'-מענ-קאינד) די מענשהייט, דאס מענשען־געשלעכט.

hu'manly *adv.* (היו'-מענ-לי) מענשליך; לויט מענשליכע בעגריפען, גלויבען, געוועהנהייטען א. ז. וו.

hu'manness *n.* (היו'-מענ-נעס) מענשליכקייט, דאס זיין מענשליך.

hu'man race (היו'-מען רייס) דאס מענשען־געשלעכט.

hu'man skel'eton (היו'-מען סקעל'-עטאן) א סקעלעט פון א מענשען.
Humane' Soci'ety (היו-מיין' סאָ-סאַי'-ע-טי) א צער-בעלי-חיים געזעלשאפט.
hu'man spe'cies (היו'-מען ספיע'-שיעז) דאס מענשליכע געשלעכט.
huma'tion *n.* (היו-מיי'-שאן) די בעערדיגונג, דאס ברייננען צו קבורה.
hum a tune (האם ע טיון) אונטערברומען א ניגון.
hum'bird *n.* (האמ'-בוירד) ז. *humming-bird*.
hum'ble *a. and v.* (האמבל) נידריג; דעמיטהיג; עניוות'דיג; בעשיידען; פשוט, ניט וויכטיג; געהארכזאם, אונטערטעניג; ערנידריגען, דעמיטהיגען.
hum'ble-mouthed *a.* (האמ'בל-מאוטהד) בעשיידען, עניוות'דיג, ערנידריגט [אין רעדען].
hum'bleness *n.* (האמ'בל-נעס) נידריגקייט, דעמיטהיגקייט; עניוות; בעשיידענהייט; פשוט'קייט, ניט וויכטיגקייט; אונטערטעניגקייט, געהארכזאמקייט.
hum'ble-pie *n.* (האמ'בל-פאי) א געבעקס געמאכט מיט פלייש פון די איגנעווייד פון א הירש.
hum'ble-plant *n.* (האמ'בל-פלענט) די זינפלאנצע אדער די ריהר-מיך-ניט-אן-פלאנצע.
hum'bler *n.* (האמ'-בלער) אן ערנידריגער; איינער אדער עטוואס וואס ערנידריגט.
hum'bler clas'ses (האמ'-בלער קלעס'-עז) די אונטערשטע קלאסען פון פאלק.
hum'bles *n.* (האמבלז) די איינגעווייד פון א הירש.
hum'ble ser'vant (האמבל סויר'-ווענט) אונטערטעניגסטער דיענער, געהארכזאמער דיענער [ווי עס ווערט אמאל געשריבען ביים שלוס פון א בריעף פאר דער אונטערשריפט].
hum'bling *n.* (האמ'-בלינג) ערנידריגונג; דאס רוישען, דאס זשומען, דאס מורמלען.
hum'blingly *adv.* (האמ'-בלינג-לי) מיט הכנעה, מיט אונטערטעניגקייט, מיט ערנידריגונג.
hum'bly *adv.* (האמ'-בלי) מיט עניוות, אהן שטאלץ, מיט ערנידריגונג, געהארכזאם, אונטערטעניג.
hum'bug *n. and v.* (האמ'-באג) א שווינדעל, א ליגען, א בעטרוג; א ליגנער, א שארלאטאן; בעשווינדלען, אבנארען, בעטריגען.
hum'buggery *n.* (האמ'-באג-ער-אי) שווינדעל, בעטרוג, פאלשקייט.
hum'drum *a., n. and v.* (האמ'-דראם) איינארטיג, מיט איינעם און דעמזעלבען שטייגער; אהן שום פערענדערונגען; נודנע; א נודנער געשפרעך; נודנעקייט; איינארטיגקייט; פערברייננגען די צייט אויף א לאנגווייליגען שטייגער.
humecta'tion *n.* (היו-מעק-טיי'-שאן) די בעפייכטונג, די בענעצונג.
hu'mefy *v.* (היו'-מי-פאי) ווייך מאכען, פייכט מאכען.
hu'meral *a.* (היו'-מע-רעל) וואס געהערט צו דעם שולטער אדער צו דער פלייצע.
hu'merus *n.* (היו'-מע-ראס) דער שולטערביין, דער פלייצע-ביין.
hum'hum *n.* (האמ'-האם) גראבער אינדישער לייוועוונד.
hu'mic *a.* (היו'-מיק) וואס בעקומט זיך פון הומוס אדער דאס-ערד. ז. *humus*.
hu'mid *a.* (היו'-מיד) פייכט, נאס.
humid'ity *n.* (היו-מיד'-אי-טי) די פייכטקייט, נאסקייט; אין מעטעאראלאגיע — די גרויס פון פייכטקייט אין דער אטמאספערע.
hu'midness *n.* (היו'-מיד-נעס) פייכטקייט, נאסקייט.
hu'midor *n.* (היו'-מי-דאהר) אזא קעסטעל, אין וועלכען מען האלט ציגארען זיי זאלען ניט פערטריקענט ווערען.
humid'ostat *n.* (היו-מיד'-א-סטעט) אזא פארט-סיגאר, וועלכער ענטהאלט אין זיך א פייכטען מאטעריאל, כדי די ציגארען זאלען ניט פערטריקענט ווערען.
hu'mifuse *a.* (היו'-מי-פיוס) אין באטאניק — וואס פערשפרייט זיך איבער'ן באדען; קריכענד [וועגען געוויסע פלאנצונגען].
humil'iate *v.* (היו-מיל'-אי-אייט) ערנידריגען; דעמיטהיגען.
humil'iating *a.* (היו-מיל'-אי-איי-טינג) ערנידריגענד; דעמיטהיגענד.
humilia'tion *n.* (היו-מיל-אי-איי'-שאן) ערנידריגונג; דעמיטהיגונג.
humil'ity *n.* (היו-מיל'-אי-טי) די זעלבסט-ערנידריגונג, עניוות; אונטערגעווארפענקייט, געהארכזאמקייט.
hum'mel *v.* (האמ'-על) וועהען געשטען [אבריינינגען די קערנער פון דער איינהילונג].
hum'mer *n.* (האמ'-ער) א זשומזשער, א זשוזשער, א מורמלער; איינער וואס שטייגט אריבער אלע אנדערע, ספעציעל אין שנעלקייט אדער פלינקקייט; א זשום-פויגעלע אדער קאליברי; אן ארט טעלעפאן-גלעקעל, וואס זשוזשעט אנשטאט קלינגען.
hum'ming *n. and a.* (האמ'-אינג) דאס זשוזשען, דאס זשומען, דאס מורמלען; וואס זשוזשעט, וואס מורמעלט.
hum'ming-bird *n.* (האמ'-אינג-בוירד) דאס זשום-פויגעלע [איינס פון דעם מין קליינינקע פויגעלעך, ווי די קאליברי א. ד. ג. וועלכע זשומען ווי פליגען דורך דער שנעלער בעוועגונג פון זייערע פליגלען].

Humming-bird

hum'mock *n.* (האמ'-אק) א בערגעל; נידריגע בערגלעך בעוואקסען מיט וואלד; קריהעס אדער אייז-בערגלעך, וואס הויבען זיך אויף איינע אויף די אנדערע.
hum'mocky *a.* (האמ'-אק-אי) פול מיט בערגלעך.
hum'mum *n.* (האמ'-אם) א טערקישע באד, א שוויץ-באד.
hu'mor *n. and v.* (היו'-מאר) פייכטקייט, נאסקייט; דער פליסיגער שטאף פון א לעבעדיגען קערפער [ווי בלוט, גאל א. ד. ג.]; דאס געמיטה, די ארט פון פיהלונג; די שטימונג; א קאפריז, אן איינפאל; הומאר [די פעהיגקייט צו בעמערקען און איבערגעבען די לעכערליכע זייט פון עפעס]; שפאס, וויציגקייט; בעווילי-גען, בעפרידיגען, טהאן א געפעליגקייט; נאכגעבען א קאפריז אדער תאוה; צופאסען; זיך ריכטען נאך עפעס.
hu'moral *a.* (היו'-מאר-על) וואס געהערט צו אדער נעהמט זיך פון די פליסיגקייטען אין קערפער.
hu'moralism *n.* (היו'-מאר-על-איזם) דאס בעלאנגען אדער דאס בעקומען זיך פון די פליסיגע שטאפען אין קערפער; די לעהרע, אז אלע קראנקהייטען נעהמען זיך פון א געוויסען צושטאנד פון די פליסיגע שטאפען אין קערפער.
hu'morism *n.* (היו'-מאר-איזם) אין מעדיצין — די טעאריע דאס א קראנקהייט ווערט פעראורזאכט דורך פערדארבענע פליסיגקייטען אין קערפער; די מאניערען, נייגונגען אדער פעהיגקייטען פון א הומאריסט.
hu'morist *n.* (היו'-מאר-איסט) א הומאריסט, א שפאס-שרייבער, א וויצלינג.
humoris'tic *a.* (היו-מאר-איס'-טיק) הומאריסטיש, וויציג.
hu'morless *a.* (היו'-מאר-לעס) אהן הומאר, אהן לעבעדיגקייט; לאנגווייליג.
hu'morous *a.* (היו'-מאר-אס) קאפריזנע, איינגענזיניג; שפאסיג, וויציג.
hu'morously *adv.* (היו'-מאר-אס-לי) אויף א הומאריסטישען שטייגער; אויף א וויציגער, שפאסיגער ארט.
hu'morousness *n.* (היו'-מאר-אס-נעס) קאפריזנעקייט; פרעהליכקייט; שארפזיניגקייט, וויציגקייט; נייגונג צו טרייבען קאטאוועס.
hu'morsome *a.* (היו'-מאר-סאם) ז. *humorous*.
hu'morsomely *adv.* (היו'-מאר-סאם-לי) ז. *humorously*.
hu'mous *a.* (היו'-מאס) וואס איז שייך צו דאס-ערד אדער טשערנאזאם [א שווארצער, פעטער און פרוכטבארער ערד-באדען].
hump *n. and v.* (האמפ) א הויקער, א הארב; אויסבויגען דעם רוקען, מאכען א הארב; צונויפציהען זיך, איילען, מאכען שנעל; אנבלאזען זיך; אנשטרענגען זיך.
hump'back *n.* (האמפ'-בעק) ז. *hunchback*.
hump'backed *a.* (האמפ'-בעקט) ז. *hunchbacked*.
humped *a.* (האמפט) הארבאטע, הויקערדיג.
hump'-shoul'dered *a.* (האמפ'-שאול'-דערד) וואס האט הויכע אויסגעבויגענע אקסלען.
hump'ty-dump'ty *a. and n.* (האמפ'-טי-דאמפ'-טי) קורץ און ברייט; א קורצער און דיקער מענש; א פאנטאמימע, אין וועלכער עס שפיעלט א קורצער און דיקער מענש; א מין שנאפס.
hump'y *a.* (האמפ'-אי) פול מיט בערגלעך; הויקערדיג, הארבאטע; א שטיבעל, א ביידעל.
hu'mus *n.* (היו'-מאס) הומוס אדער דאס-ערד [א פרוכטבארער, פעטער, שווארצער ערד-באדען, וועלכער ענטהאלט אין זיך פיעל איבערגעפוילטע ארגאנישע שטאפען].
Hun *n.* (האן) אן אונגאר, איינער פון אונגארן; איינער פון די הונען [א קריעגעריש, אזיאטיש פאלק, וואס האט אין 5טען יאהרהונדערט פערניכטעט און צושטערט מעהר ווי א העלפט פון דער רוימישער מלוכה].
hunch *n. and v.* (האנטש) א הארב, א

הויקער; א גרויס שטיק, א גרויסע המוציא; א שטויס מיט'ן עלנבויגען; שטויסען מיט'ן עלנבויגען; מאכען הארבאטע.

hunch'back *n.* (האנטש'־בעק) אן אויסגעבויגענער רוקען; א הארבאטער מענש, איינער מיט א הויקער; א מין וואלפיש מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען.

hunch'backed *a.* (האנטש'־בעקט) הארבאטע, הויקערדיג.

hunch'y *a.* (האנ'־טשי) הויקערדיג, הארבאטע.

hun'dred *n. and a.* (האנ'־דרעד) הונדערט; א הונדערט, א מאה; אין מיטעלאלטערליכען ענגלאנד — די צענט־גראפשאפט אדער לאנד־בעצירק [אן אדמיניסטראטיווער בעצירק מיט א געריכט פאר ציווילע און קרימינעלע פערברעכענס].

hun'dred-court *n.* (האנ'־דרעד־קאורט) אין מיטעלאלטערליכען ענגלאנד — א בעצירקס־געריכט [א געריכט פון א צענט־גראפשאפט אדער לאנד־בעצירק פאר ציווילע און קרימינעלע פערברעכענס].

Hun'dred Days (*the*) (האנ'־דרעד דייז) "די הונדערט טעג" [פון נאפאלעאן דעם ערשטענס הערשונג זינט ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון עלבא ביז זיין צווייטער נידערלאגע, פון דעם 20טען מערץ ביז דעם 28טען יוני, 1815].

hun'dreder *n.* (האנ'־דרעד־ער) אין מיטעלאלטערליכען ענגלאנד — אן איינוואהנער אדער גוטס־בעזיצער פון א צענט־גראפשאפט [ז. *hundred*]; איינער וועלכער קען זיין אויסגעקליבען אלס געריכטס־געשווארענער אין א בעצירקס־געריכט [ז. *hundred-court*]; דער מאגיסטראט פון א צענט־גראפשאפט.

hun'dredfold *n.* (האנ'־דרעד־פאולד) הונדערטפאך, הונדערט מאל אזוי פיעל.

hun'dredman *n.* (האנ'־דרעד־מען) אין מיטעלאלטערליכען ענגלאנד — דער מאגיסטראט פון א צענט־גראפשאפט אדער לאנד־בעצירק.

hun'dredth *n.* (האנ'־דרעדטה) דער הונדערטסטער; א הונדערט־חלק, א הונדערטעל.

hun'dredweight *n.* (האנ'־דרעד־הוויט) א צענטער [א געוויכט פון הונדערט פונט].

hung (האנג) געהאנגען, אויפגעהאנגען. ז. *hang*

Hunga'rian *a. and n.* (האנ־גיי'־רי־ען) וואס איז שייך צו אונגארן; אן אונגאר; א מאדיאר; די אונגארישע שפראך.

hung beef (האנג ביעף) איינגעזאלצען פלייש, וואס איז געדעמפפט און געטריקענט.

hun'ger *n. and v.* (האנ'־גער) הונגער; א דורשט אדער א שטארקער פערלאנג נאך עפעס; הונגערען; דורשטען נאך עפעס, שטארק פערלאנגען.

hun'ger-bit *a.* (האנ'־גער־ביט) וואס ליידט הונגער, געפלאגט פון הונגער.

hun'ger-bit'ten *a.* (האנ'־גער־ביט'ן) ז. *hunger-bit*

hun'ger-cure *n.* (האנ'־גער־קיור) דאס היילען א קראנקהייט דורך זעהר א שטרענגער דיעטע [דורך אבהאלטען זיך פון עסען].

hun'gered *a.* (האנ'־גערד) פערהונגערט, אויסגעהונגערט.

hun'gerer *n.* (האנ'־גער־ער) איינער וואס הונגערט; איינער וואס דורשט שטארק נאך עפעס, איינער וואס האט א שטארקען פערלאנג נאך עפעס.

hun'ger-grass *n.* (האנ'־גער־גרעס) אזא גראז מיט בינטלעך בליהונג וואס זיינען ענליך צו א פוקסען־עק ז. *foxtail*

hun'ger-rot *n.* (האנ'־גער־ראט) א קראנקהייט ביי שעפסען פון שלעכטער פאשע אדער פיטערונג.

hun'ger-starved *a.* (האנ'־גער־סטארווד) פערהונגערט, אויסגעמארעט פון הונגער.

hun'ger strike (האנ'־גער־סטראיק) א שטרייק פון ארעסטאנטען אין א טורמע, וועלכער בעשטעהט אין ענטזאגען זיך פון עסען און פרייוויליגען הונגער.

hun'gerworm *n.* (האנ'־גער־הווארם) א שטענדיגער הונגער; א שטארקער אפעטיט וואס קען קיינמאל ניט געשטילט ווערען.

hung ju'ry (האנג דזשו'־רי) א יורי אדער געריכטס־געשווארענע, וועלכע קענען ניט ארויסטראגען קיין געריכטס־אורטייל צוליעב איין מיטגליעד, וועלכער מאכט שטערונגען צוליעב אונעהרליכע אדער פערזענליכע צוועקען.

hun'grily *adv.* (האנ'־גרי־לי) אויף א זשעדנעם, הונגעריגען אדער גיעריגען אופן.

hun'gry *a.* (האנ'־גרי) הונגעריג; וואס האט א שטארקען חשק צו עפעס; ארעם; אונפרוכטבאר.

hun'gry e'vil (האנ'־גרי אי'וול) אן אונגעוועהנליכער אפעטיט צום עסען ביי פערד.

hun'gry ta'ble (האנ'־גרי טייבל) אן ארעמער מאהלצייט.

hunk *n. and a.* (האנק) 1. א גרויס שטיק; 2. א פערשלומפערטע פרוי; 3. אויסגעצייכענט, פארטרעפליך.
1. Give the beggar a hunk of bread.

Hun'ker *n.* (האנ'־קער) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א קאנזערוואטאר, איינער, וועלכער דערלאזט ניט קיין נייע איינפיהרונגען און רעפארמען.

hun'kerism *n.* (האנ'־קער־איזם) קאנסערוואטיזם; א פיינדליכע האלטונג צו יעדען פראגרעס און פארטשריט.

hunks *n.* (האנקס) א קמצן, א קארגער מענש.

hun'ky *a.* (האנ'־קי) אויסגעצייכענט, פארטרעפליך.

hun'ky-do'ry *a.* (האנ'־קי־דאו'־רי) ז. *hunky*

hunt *v. and n.* (האנט) פיהרען יאגד; יאגען, פערפאלגען, נאכיאגען, נאכשפירען; זוכען, נאכזוכען; א יאגד; פערפאלגונג, נאכשפירונג, נאכזוכונג, זוכונג; א מחנה יאגד־הינד; א יאגד־געזעלשאפט; די געגענד, וואו מען פיהרט יאגד מיט הינד.

hunt at force (האנט עט פאורס) העצען די הינד אויף דער חיה [ביי יאגד] אנשטאט זי צו שיסען.

hunt change (האנט טשיינדזש) נאכפאלגען נאך אן אנדער, נייער שפור [וועגען יאגד־הינד].

hunt coun'ter (האנט קאונ'־טער) נאכשפירען אדער פערפאלגען אויף א פאלשער שפור.

hunt down (האנט דאון) דערגרייכען און כאפען אדער טויטען [אויף יאגד]; פערפאלגען, רודף'ען ביז צום לעצטען.

hun'ter *n.* (האנ'־טער) א יעגער; א יאגדהונד, א שפיר־הונד; א יאגד־פערד; א זוכער; אזא גרויסער קוקוק־פויגעל [אין יאמאיקא]; א יאגד־שפין אדער וואלף־שפין [אזא שפין וואס יאגט זיך נאך אינזעקטען אנשטאט צו ווארטען ביז זיי וועלען אריינפאלען אין זיין שפינוועב].

Hun'ter's screw (האנ'־טערז סקרוה) די האנטערס־שרויף אדער די־פערענציאל־שרויף [א שרויף דורך וועלכער עס געהט אין מיטען דורך א צווייטע שרויף. די מעלה פון דיעזער שרויף איז, וואס זי שרויפט זעהר שטארק און רעגולירט גוט, ניט האבענדיג אזא געדיכטען שרויפען־גאנג ווי ביי אן איינפאכער שרויף].



Hunter's Screw

hun'ting *n.* (האנ'־טינג) יאגד, דאס יאגען, דאס נאכיאגען, דאס זוכען.

hun'ting-bag *n.* (האנ'־טינג־בעג) א יאגד־טאש.

hun'ting-box *n.* (האנ'־טינג־באקס) א יעגער־שטיבעל.

hun'ting-coat *n.* (האנ'־טינג־קאוט) א יאגד־ראק.

hun'ting-cog *n.* (האנ'־טינג־קאג) דער איבריגער צאהן אין איינעם פון צוויי צאהן־רעדער, כדי אין זייערע בעוועגונגען זאלען זיך ניט צוזאמענטרעפען אלע מאל איינע און דיעזעלבינע צייהנער.

hun'ting-ground *n.* (האנ'־טינג־גראונד) א יאגד־פלאץ.

hun'ting-horn *n.* (האנ'־טינג־הארן) א יאגד־הארן.

hun'ting-jug *n.* (האנ'־טינג־דזשאג) א קרוג מיט רעליעפע בילדער פון יאגד, יעגער, יאגד־הינד א. ד. ג.

hun'ting-leop'ard *n.* (האנ'־טינג־לעפ'־ארד) דער יאגד־לעמפערט [א לעמפערט, וועלכער איז געלערענט צו פאנגען אנטילאפען].

hun'ting-shirt *n.* (האנ'־טינג־שוירט) א יעגער־בלוזע.

hun'ting-song *n.* (האנ'־טינג־סאנג) א יעגער־ליעד.

hun'ting-sword *n.* (האנ'־טינג־סאורד) א יעגער־שווערד [אזא שווערד וואס יעגערס בענוצען ענדגילטיג צו דער'הרג'ענען א געשאסענע חיה].

hun'ting the slip'per (האנ'־טינג טהי סליפ'־ער) פאנטאפעל־יאגד [א געוויסע שפיעל, וואו מען בעהאלט א שוך און איינער מיט פערבונדענע אויגען דארף איהם געפינען].

hun'ting-tide *r.* (האנ'־טינג־טאיד) דער יאגד־סעזאן, די צייט פון יאגד.

hunt out (האנט אוט) אויסשפירען, אויספארשען, אויסזוכען.

hunt'ress *n.* (האנט'־רעס) א יעגערין.

hunts'man *n.* (האנטס'־מען) א יעגער, א יעגער־יונג.

hunts'manship *n.* (האנטס'־מען־שיפ) יעגעריי, יעגער־קונסט.

hunt's'-up *n.* (האנטס'־אפ) עטוואס וואס וועקט אויף; א רוף צו ערוואכען.

hunt the squir'rel (האנט טיה סקהוואר'־על) א קינדער־שפיעל אין יאגעניש [דער וואס ווערט אנגעריהרט מיט דער האנד יאגט נאך דעם אנריהרער ביז ער כאפט איהם און דער געכאפטער מוז

דאַן פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם נאָכיאָגער].

hunt up (האַנט אַפּ) אויסזוכען, סטאַרען זיך אויסצוגעפינען.

1. **Hunt up** my cousin when you are in Chicago. 2. I shall **hunt up** material for my speech.

hur'dle *n. and v.* (הויר'דל) א ראַהם אדער וואַנטעל געפלאָכטען פון ריטער אדער שטעקענס; א מין שליטען אדער געפלאָכטענער קארב, אין וועלכען מען פלעגט אמאָל פיהרען פעראורטיילטע פערברעכער צום עשאַפאָט; אין פעסטונגען — די בינטלעך צווייגען, מיט וועלכע מען פילט אָן א גראַבען; א געפלאָכטענער פּאַרקאַן ארום א פעלד אדער גארטען; א וואַנד פון געפלאָכטענע צווייגען ביים ברעג פון א טייך, כדי דאָס וואַסער זאָל ניט אונטערשווענקען די ערד; אין וועט־לויף — א מין וואַנטעל אדער קינסטליכער באַריער, וועלכען דער לויפער דאַרף אריבערשפּרינגען; א מין אייזערנע אדער הילצערנע ראַהם, אויף וועלכער מען ציהט אָן געוואַלטע וואָליק, כדי אויסצואוואַלקען עס און מאַכען א הוט; מאַכען א צאַם אדער בעדעקען מיט געפלאָכטענע צווייגען אדער שטעקענס; אין וועט־לויף — אריבערשפּרינגען א קינסטליכען באַריער אדער געפלאָכטענעם וואַנטעל.


Hurdle

hur'dle-race *n.* (הויר'דל־רייס) א וועט־לויף, אין וועלכען דער לויפער דאַרף אריבערשפּרינגען איבער באַריערען אדער וואַנטעלעך.

hurds *n.* (הוירדז) פּאַקולע, די פּסולת פון קאַנאַפּליעס [פענקע, האַנף].

hur'dy-gur'dy *n.* (הויר'־די־גויר'־די) אַן אַלטפרענקישער מוזיקאַלישער אינסטרומענט עהנליך צו א גיטאַרע מיט פיער אדער מעהר סטרונעס, וועלכע ווערען בעריהרט און לאָזען ארויס טענער דורך א רעדעל וואָס ווערט געדרעהט מיט דער לינקער האַנד.

Hurdy-gurdy

hurl *v. and n.* (הוירל) וואַרפען מיט קראַפט, שליידערען; אַנידערוואַרפען, שטירצען; אויסשרייען, אַנפאַלען מיט א געשריי; שנעל בעוועגען זיך, לויפען; פליהען ווי א פייל פון בויגען; שפּיעלען אין שליידערען א באַל; וואַרפען עפּעס אויף איינעם; דאָס שליידערען, דאָס וואַרפען; דאָס לויפען פון וואַסער; דאָס לויפען בארג־אַראָב; א וואַנטעל אדער אַן אַנדער זאַך געפלאָכטען פון ריטער אדער שטעקענס.

hurl'bone *n.* (הוירל'־באָון) דער קניע־ביין ביי א פערד.

hur'ling *n.* (הויר'־לינג) א מין באַל־שפּיעל.

hur'ly-bur'ly *n.* (הויר'־לי־בויר'־לי) א געטומעל, א סומאַטאָכע, א גערויש.

hurra' *int. and v.* (הוה־ראַ') ז. *hurrah*

hurrah' *int. and v.* (הוה־ראַ') הוראַ! שרייען הוראַ.

hur'ricane *n.* (האַר'־אי־קיין) א שטורם־ווינד, א ציקלאָן.

hur'ried *a.* (האַר'־איד) אייליג, איבער־איילט; געטהאָן אין איילעניש.

hur'riedly *adv.* (האַר'־איד־לי) אין איילעניש.

hur'riedness *n.* (האַר'־איד־נעס) איילעניש.

hur'rier *n.* (האַר'־אי־ער) איינער וואָס איילט; איינער וואָס טרייבט אונטער.

hur'ry *v. and n.* (האַר'־אי) איילען, אונטערטרייבען; צווינגען אדער ווירקען אויף איינעם צו טהאָן א שלעכטע אדער נאַרישע זאַך; שטופּען [א וועגעל] אין א קויהלען־שאַכטע; בעוועגען אדער טהאָן עפּעס אין איילעניש; דאָס זיין אין איילעניש; דאָס מאַכען עפּעס שנעל; איילעניש, אויפגערעגטקייט, אונרוהיגקייט.

hur'ry away' (האַר'־אי ע־הוויי') שנעל אַוועקפיהרען, שנעל אַוועקגעהן.

hur'rygraph *n.* (האַר'־אי־גרעף) א בריעף אדער אַן אַנדער שריפט וואָס איז געשריבען אין גרויס איילעניש.

hur'ry-scur'ry *adv.* (האַר'־אי־סקאַר'־אי) אין איילעניש, אין אונאָרדנונג; צורודערטערהייד.

hur'ry-skur'ry *adv.* (האַר'־אי־סקאַר'־אי) ז. *hurry-scurry*

hurt *v. and n.* (הוירט) קאַליעטשען, פערוואונדען, פעראורזאַכען וועהטאָג; שעדיגען, בעליידיגען; פערשאַפען עגמת נפש; טהאָן שאַדען; א פערלעצונג, א בעליידיגונג, א וואונד, א שאַדען, א היזק.

hurt at (הוירט עט) געקרענקט דורך אדער צוליעב עפּעס.

hur'ter *n.* (הויר'־טער) איינער וואָס פערשאַפט וועהטאָג אדער שאַדען; איינער וואָס פערשאַפט עגמת נפש.

hurt'ful *a.* (הוירט'־פול) שעדליך, פערדערבליך; וואָס רופט ארויס א וועהטאָג; וואָס פערשאַפט עגמת נפש.

hurt'fully *adv.* (הוירט'־פול־אי) אויף א שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן.

hurt'fulness *n.* (הוירט'־פול־נעס) שעדליכקייט, פערדערבליכקייט.

hur'tle *v.* (הויר'־טל) בעוועגען מיט קראַפט, שטויסען; געשווינד ארומדרעהען; בעוועגען זיך מיט קראַפט; זיך געשווינד ארומדרעהען.

hur'tleberry *n.* (הויר'־טל־בער־אי) א מין שוואַרצע אדער טונקעל־בלויע יאַגדע. ז. *huckleberry*

hurt'less *a.* (הוירט'־לעס) אונשעדליך; אונבעשעדיגט, אונבעריהרט.

hurt'lessly *adv.* (הוירט'־לעס־לי) אויף אַן אונשעדליכען אדער אונבעשעדיגטען אופן.

hus'band *n. and v.* (האַז'־בענד) א מאַן [פון א ווייב]; א שפּאָרזאַמער ווירטה אדער פערוואַלטער; זיין איינער'ס מאַן; געבען איינער א מאַן; עקאָנאָמיזירען, זיין א גוטער ווירטה.

hus'bandage *n.* (האַז'־בענ־דעדזש) געצאָהלט פאַר שיפס־פערוואַלטונג.

hus'bandhood *n.* (האַז'־בענד־הוד) דאָס זיין א פערהייראַטער מאַן.

hus'bandless *a.* (האַז'־בענד־לעס) אָהן א מאַן.

hus'bandly *a.* (האַז'־בענד־לי) מעשה ווירטה, ווי א גוטער מאַן.

hus'bandman *n.* (האַז'־בענד־מען) אַן אַקערס־מאַן, א לאַנד־ווירטה, א פּערמער.

hus'bandry *n.* (האַז'־בענד־רי) אַקערבוי, לאַנדבוי.

hush *int., n., v. and a.* (האַש) סט! שטיל! שטילקייט; שווייגען, זיין שטיל; מאַכען שווייגען, שטיל מאַכען; בערוהיגען; שטיל, רוהיג.

hush'aby *int. and a.* (האַש'־ע־באַי) שטיל! אַי־לו־לי־לו! וואָס שטילט איין, וואָס לולעט איין.

hush'-mon'ey *n.* (האַש'־מאַנ'־אי) שווייג־געלד, לאַ־יחרץ־געלד.

hush up (האַש אַפּ) פערשטיקען, פערדעקען, מאַכען א שווייג.

husk *n. and v.* (האַסק) א מעקענע; א שאָלעכץ, א הילז, א לושקע; א שויט, א סטרוטשקע; דער קליינער געפלעקטער הונד־פיש; אראָבנעהמען דעם שאָלעכץ; אויסשיילען, אויסלושטשען.

husked *a.* (האַסקט) בעדעקט מיט א שאָלעכץ; וואָס איז אין א שויט.

hus'ker *n.* (האַס'־קער) איינער וואָס שיילט אויס אדער לושטשעט אויס קוקורוזע אדער מאַאיס; א מאַשין צום רייניגען קוקורוזע אדער מאַאיס.

hus'kily *adv.* (האַס'־קי־לי) הייזעריג, טרוקען.

hus'kiness *n.* (האַס'־קי־נעס) הייזערינקייט, טרוקענקייט [פון דער שטימע].

hus'king *n.* (האַס'־קינג) דאָס אויסשיילען אדער אויסלושטשען קוקורוזע [טערקישע ווייץ]; א פערזאַמלונג פון פריינד און בעקאַנטע צו העלפען אויסשיילען קוקורוזע אדער מאַאיס ביי וועלכער עס ווערט געמאַכט א הוליאַנקע.

hus'king-bee *n.* (האַס'־קינג־ביע) א פערזאַמלונג פון פריינד און בעקאַנטע צו העלפען אויסשיילען אדער אויסלושטשען קוקורוזע אדער מאַאיס ביי וועלכער עס ווערט געמאַכט א הוליאַנקע.

hus'ky *a. and n.* (האַס'־קי) פול מיט שאָלעכץ אדער מעקענע; פּראָסט, וואָס האָט ווענינ ווערטה; הייזעריג, טרוקען אין האַלז; שטאַרק און גרויס; א שטאַרקער גרויסער יונג; א האַראַפּאַסניק; אַן עסקימאָס; די עסקימאָסישע שפּראַך; אַזא זאָרט הונד וואָס ווערט בענוצט צום שלעפּען שליטענס אין די קאַלטע געגענדען.

hussar' *n.* (הע־זאַר') א הוזאַר [א רייט־סאָלדאַט פון א געוויסער קאַוואַלעריע־אַבטיילונג וואָס צייכענט זיך מיט געפּוצטע בונטע אוניפאָרמס].

hus'sif *n.* (האַז'־איף) א הויז־פרוי; א הויז־ווירטין; א נעה־קעסטעל [א קעסטעלע וואו מען האַלט נעה־געצייג].

Hus'site *n.* (האַס'־איט) א הוסיט, אַן אַנהענגער פון יאָהאַן הוס, דער רעפאָרמער פון דער קאַטוילישער רעליגיאָן, וועלכען מען האָט פערברענט אין יאָהר 1415.

hus'sy *n.* (האַז'־אי) א צולאָזען מיידעל; אַן אויסגעלאַסענע פרוי; א נעה־קעסטעל [א קעסטעלע וואו מען האַלט נעה־געצייג].

hus'ting *n.* (האַס'־טינג) ז. *hustings*

hus'tings *n.* (האַס'־טינגז) 1. א וואַהל־בינע [א בינע פון וועלכער מען האַלט וואַהל־רעדען]; 2. א קאָנפערענץ, א בעראַטונגס־פערזאַמלונג; 3. א שטאָדט־געריכט.

1. All the cabinet ministers appeared on the **hustings**.

hus'tle *v.* (האַסל) צוזאַמענוואַרפען אָהן אַן אָרדנונג; שטופּען, דרענגען, שטויסען; איילען, האַסטיג בעוועגען אדער טהאָן; האָרעווען, ארויסווייזען ענערגיע.

hus'tler *n.* (האס'-לער) ; א הארעפאסניק ; אן ענערגישער ארבייטזאמער מענש.
Mr. A— can easily get a position, because he is a hustler.

hut *n. and v.* (האט) אביידעל, א בודקע ; א געצעלט ; א באראק ; הילצערנע באראקען וועלכע ווערען געבויט פאר סאלדאטען וואס געפינען זיך אין פעלדלאגער ; בעזעצען אין א באראק ; זיך בעזעצען אין א באראק אדער א ביידעל.

hutch *n. and v.* (האטש) א קעסטעל ; א קאסטען ; א קאפער ; א נידריג וועגעל וואס ווערט בענוצט ארויסצופיהרען קויהלען פון א קויהלען=גרוב ; א בעקער'ס קנעטקאסטען ; א שטייג אין וועלכער מען האלט קליינע חיה'לעך, ווי קראליקעס א. ד. ג. ; אוועקלעגען אין א קעסטעל.

hux *v.* (האקס) פאנגען פיש מיט האטשעקעס אנגעבונדען צו פענכערס.

hux'ter *n.* (האק'-סטער) א קליין=הענדלער. ז. ***huckster***

huzza' *int. and v.* (הא-זא') הורא ! אויפנעהמען מיט א הורא=געשריי ; ארויסלאזען א הורא=געשריי.

huzzah' *int. and v.* (הא-זא') ז. ***huzza***

hy'acinth *n.* (האי'-ע-סינטה) די היאצינטע [אזא גארטען=פלאנצע, וואס וואקסט אזוי ווי ציבעלעס, מיט גלאקען=פערמיגע בלומען] ; דער היאצינט [אזא עדעלשטיין פון רויטליכען קאליר]. ז. איל. ***"Gems"***

Hyacinth

hyacin'thian *a.* (האי-ע-סינ'-טהי-ען) ז. ***hyacinthine***

hyacin'thine *a.* (האי-ע-סינ'-טהין) וואס איז געמאכט אדער וואס בעשטעהט פון היאצינט ; וואס האט דעם קאליר ווי די היאצינטע אדער וואס האט אזא ריח ; זעהר שעהן אדער אנציהענד. ז. ***hyacinth***

Hyacin'thus *n.* (האי-ע-סינ'-טהאס) די היאצינטען=פלאנצען. ז. ***hyacinth***

Hy'ades *n.* (האי'-ע-דיז) אין אסטראנאמיע — די היאדען [א גרופע פון זיבען שטערען] ; אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די היאדען [די נימפען, וועלכע האבען געהאדעוועט באקכוס'ען און זיינען פערוואנדעלט געווארען אין שטערען].

Hy'ads *n.* (האי'-עדז) ז. ***Hyades***

hyæ'na *n.* (האי-אי'-נא) ז. ***hyena***

Hya'lea *n.* (האי-איי'-לי-א) א מין מאלוסקעלען וואס האבען פליגעל=עהנליכע בעוועגונגס=גליעדער [געפינען זיך אין אטלאנטישען און מיטעללענדישען ים].

Hyalea

hyales'cence *n.* (האי-ע-לעס'-ענס) דאס זיין דורכזיכטבאר אדער גלאז=ארטיג ; דאס ווערען ווי גלאז ; גלאזינקייט.

hyales'cent *a.* (האי-ע-לעס'-ענט) וואס זעהט אויס ווי גלאז ; וואס ווערט ווי גלאז ; גלאז=ארטיג ; דורכזיכטיג.

hy'aline *a. and n.* (האי'-ע-לין) גלאז=ארטיג, קריסטאל=ארטיג, דורכזיכטיג ; עהנליך צו גלאז ; וואס בעשטעהט פון גלאז ; א גלעזערנער אדער דורכזיכטיגער שטאף.

hy'alithe *n.* (האי'-ע-ליטה) אזא זארט שטארק, דונקעל גלאז.

hyalog'raphy *n.* (האי-ע-לאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען אדער גראווירען אויף גלאז.

hy'aloid *a. and n.* (האי'-ע-לאיד) גלאז=ארטיג ; ווי גלאז ; דורכזיכטיג ; די גלאז=ארטיגע הויט פון אויג.

hyaloidi'tis *n.* (האי-ע-לאי-דאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער גלאז=הויט אדער קריסטאל פון אויג.

hy'brid *n. and a.* (האי'-בריד) א חיה אדער פלאנצע וואס שטאמט ארויס פון געמישטע מינים ; עטוואס וואס שטאמט אב פון געמישטע קוועלען [ווי אווארט צוזאמענגעשטעלט פון עלעמענטען פון צוויי שפראכען] ; וואס קומט ארויס פון געמישטע עלטערען ; וואס שטאמט אב פון געמישטע קוועלען [ווי א ווארט וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון עלעמענטען פון צוויי שפראכען].

hy'bridisable *a.* (האי'-ברי-דאי-זעבל) ז. ***hybridizable***

hybridisa'tion *n.* (האי-ברי-די-זיי'-שאן) ז. ***hybridization***

hy'bridise *v.* (האי'-ברי-דאיז) ז. ***hybridize***

hy'bridism *n.* (האי'-ברי-דיזם) דאס אבשטאמען פון געמישטע מינים ; דאס צוזאמענפארען חיות און פלאנצען פון געמישטע מינים ; דאס בילדען א ווארט פון טיילען וואס שטאמען פון צוויי אדער מעהר שפראכען.

hybrid'ity *n.* (האי-בריד'-אי-טי) דאס אבשטאמען פון געמישטע מינים ; דאס זיין אן אבשטאם פון געמישטע מינים.

hy'bridizable *a.* (האי'-ברי-דאי-זעבל) וואס קען ארויסקומען אלס אן אבשטאמונג פון געמישטער פארונג ; וואס קען ארויסבריינגען אן אבשטאמונג פון געמישטער פארונג.

hybridiza'tion *n.* (האי-ברי-די-זיי'-שאן) דאס צוזאמענפארען געמישטע מינים [חיות אדער פלאנצען] צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג.

hy'bridize *v.* (האי'-ברי-דאיז) צונויפפארען פערשיעדענע מינים [חיות אדער פלאנצען] אום צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג ; שאפען א ווארט אלס אן אבשטאם פון צוויי שפראכען.

hy'bridizer *n.* (האי'-ברי-דאי-זער) איינער וואס פארט געמישטע מינים [חיות אדער פלאנצען] צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג.

hy'datid *n.* (האי'-דע-טיד) א וואסער=בלאז ; דער בלאז=פערמיגער צושטאנד פון דער לארווא פון א באנד=ווארים.

hydatid'iform *a.* (האי-דע-טיד'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א וואסער=בלאז.

hydat'iform *a.* (האי-דעט'-אי-פארם) ז. ***hydatidiform***

hy'datis *n.* (האי'-דע-טיס) ז. ***hydatid***

hy'datoid *a.* (האי'-דע-טאיד) וואסערדיג, עהנליך צו וואסער ; וואס איז עהנליך צו דער פליסיגקייט וואס פילט אויס דאס אויג.

Hy'dra *n.* (האי'-דרא) אין דער אלטער אסטראנאמיע — א שטערען=גרופע, וואס האט דעם אויסזעהן פון א וואסער=שלאנג ; א מין טייך=פאליפען [ז. איל.].

Hydra

hy'dra *n.* (האי'-דרא) א הידרע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א שלאנג אדער דראכען מיט 9 קעפ וואס ווען מען פלעגט איהר אבהאקען איין קאפ, פלעגען אויף דער שטעלע אויסוואקסען צוויי נייע, אויסער ווען מען האט די וואונד אויסגעברענט. איינע פון די 12 גבורות פון דעם העלד הערקולעס איז געוועזן, וואס ער האט דיעזען דראכען גע'הרג'ט] ; א צרה, וועלכע ווערט אלץ גרעסער און שטארקער, וואס מעהר מען שטרענגט זיך אן פון איהר פטור צו ווערען ; א וואסער=שלאנג ; א זארט טייך=פאליפ ; אזא ספיריטוס=טערמאמעטער.

hy'dragogue *n.* (האי'-דרע-גאג) א שטארקער אבפיהר=מיטעל אבצוטרייבען וואסער וואס האט זיך וואו עס איז אנגעקליבען אין קערפער.

hy'dra-head'ed *a.* (האי'-דרא-העד'-עד) פיעל=קעפיג ; וואס איז שווער אויסצוראטען ; וואס וואקסט אימער פון דאס ניי ארויס.

Hydran'gea *n.* (האי-דרענ'-דזשי-א) די הארטענזיע [א מין אמעריקאנישע און אזיאטישע פלאנצען מיט שעהנע פערשיעדען=פארביגע בליהונגען].

Hydrangea

hy'drant *n.* (האי'-דרענט) אן אפאראט צו ציהען וואסער פון די גרויסע וואסער=לייטונגס=רעהרען, וואס ציהען זיך אין א

גאס אונטער דער ערד [ווערט בענוצט מייסטענס פון פייער־לעשער בעת א שריפה].

hydrar'gyrate *a.* (האי-דראר'-דזשי-רייט) וואס איז שייך צו קוועקזילבער.

hydrargyri'asis *n.* (האי-דראר-דזשי-ראי'-ע-סיס) קוועקזילבער־פערגיפטונג.

hydrargyr'ic *a.* (האי-דראר-דזשיר'-איק) וואס איז שייך צו קוועקזילבער; וואס איז פון קוועקזילבער.

hydrar'gyrum *n.* (האי-דראר'-דזשי-ראם) קוועקזילבער [איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען].

hydrarthro'sis *n.* (האי-דראר-טהראו'-סיס) די אנזאמלונג פון פליסיגקייט אדער פלוס אין א געלענק.

hy'drate *n. and v.* (האי'-דרייט) א הידראט [א כעמישע פערבינדונג פון וואסער מיט אן אנדער שטאף]; פערבינדען מיט וואסער; בילדען א הידראט.

hydra'tion *n.* (האי-דריי'-שאן) דאס פערבינדען מיט וואסער; דאס דורכנעצען מיט וואסער.

hydrau'lic *a.* (האי-דראה'-ליק) הידראוליש, וואס איז שייך צו וואסער וואס געפינט זיך אין בעוועגונג אדער צו דער קראפט וועלכע ווערט ביי דיזער בעוועגונג ענטוויקעלט; וואס איז שייך צו הידראוליק. ז. *hydraulics*

hydrau'lical *a.* (האי-דראה'-לי-קעל) ז. *hydraulic*

hydrau'lically *adv.* (האי-דראה'-ליק-על-אי) מיט הידראולישער קראפט. ז. *hydraulics*

hydrau'lic cement' (האי-דראה'-ליק סי-מענט') א געוויסער זארט וואפנע וואס ווערט גיך פערהארטעוועט אין וואסער.

hydrau'lic en'gine (האי-דראה'-ליק ענ'-דזשין) א הידראולישע מאשין, א וואסער־מאשין [א מאשין וועלכע ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון וואסער].

hydrau'lic engineer'ing (האי-דראה'-ליק ענ-דזשי-ניער'-אינג) וואסער־בוי אינזשיניער־קונסט [דער טייל פון דער אינזשיניער־וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט וואסער־בוי, ווי וואסער־טורבינען, וואסער־מיהלען א. ד. ג.].

hydrauli'cian *n.* (האי-דראה-ליש'-ען) ז. *hydraulist*

hydrau'lic jack (האי-דראה'-ליק דזשעק) א הידראולישע הויב־מאשין [אזא מאשין צו הויבען משא דורך דעם דרוק פון א פליסיגקייט].

hydrau'lic lime (האי-דראה'-ליק לאים) הידראולישער קאלך אדער וואפנע [אזא זארט וואפנע וואס ווערט הארט אין וואסער].

hydrau'lic mor'tar (האי-דראה'-ליק מאהר'-טאר) ז. *hydraulic cement*

hydrau'lic mo'tor (האי-דראה'-ליק מאו'-טאר) א הידראולישער מאטאר [א מאטאר וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער־קראפט].

hydrau'licon *n.* (האי-דראה'-לי-קאן) ז. *hydraulic organ*

hydrau'lic or'gan (האי-דראה'-ליק אר'-גאן) אן ארגעל וועלכער שפיעלט דורך דעם דרוק פון וואסער.

hydrau'lic pow'er (האי-דראה'-ליק פאו'-ער) די וואסער־דרוק־קראפט.

hydrau'lic press (האי-דראה'-ליק פרעס) א הידראולישע פרעס [א פרעס וואס דיענט צו מאכען זעהר א שטארקען דרוק און ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון וועלכער עס איז פליסיגקייט].

hydrau'lic ram (האי-דראה'-ליק רעם) אזא אויטאמאטישע וואסער־פומפ צום שפריצען וואסער אין דער הויך, וועלכע ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון א וואסער־זייל.

hydrau'lics *n.* (האי-דראה'-ליקס) הידראוליק, דער טייל פון אינזשיניער־וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער בעוועגונג פון פליסיגקייטען, די פיזיקאלישע געזעצען דורך וועלכע דיעזע בעוועגונג ווערט רעגולירט און זייער אנווענדונג אין דער טעכניק פון וואסער־בוי, ווי וואסער־טורבינען, שיפען, פומפען א. ד. ג.

hydrau'list *n.* (האי-דראה'-ליסט) א קענער אין הידראוליק. ז. *hydraulics*

hydre'mia *n.* (האי-דרי'-מי-א) א וואסערדיגער צושטאנד פון דעם בלוט; דאס האבען צופיעל וואסער אין בלוט.

hy'driad *n.* (האי'-דרי-עד) אין מיטאלאגיע — א וואסער־נימפע.

hy'dric *a.* (האי'-דריק) וואס איז פערפערבונדען מיט אדער ענטהאלט וואסער־שטאף.

hy'drid *n.* (האי'-דריד) א שטאף וואס בעשטעהט פון וואסער־שטאף וועלכער איז פערבונדען מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט; א טייך־פאליפ.

hy'dride *n.* (האי'-דריד) א שטאף וואס בעשטעהט פון וואסער־שטאף, וועלכער איז פערבונדען מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט.

hy'driodate *n.* (האי'-דרי-א-דייט) א זאלץ פון הידרא־יאד־זויערע. ז. *hydriodic acid*

hydriod'ic *a.* (האי-דרי-אד'-איק) וואס איז פראדוצירט פון א פערבינדונג פון וואסער־שטאף און יאד.

hydriod'ic ac'id (האי-דרי-אד'-איק עס'-איד) א קאלירלאזער גאז מיט א שטיקענדען גערוך, וואס בילדעט זיך פון דער פערבינדונג פון וואסער־שטאף מיט יאד.

hydrobro'mate *n.* (האי-דרא-בראו'-מייט) א זאלץ וואס בילדעט זיך פון הידרא־בראם־זויערע. ז. *hydrobromic acid*

hydrobro'mic *a.* (האי-דרא-בראו'-מיק) וואס בעשטעהט פון וואסער־שטאף און בראם.

hydrobro'mic ac'id (האי-דרא-בראו'-מיק עס'-איד) א זויערע וועלכע ווערט געמאכט פון א פעראייניגונג פון פאספאר, בראם און וואסער. דיעזע זויערע ערשיינט אין דער פארם פון א קאלירלאזען גאז מיט א שטיקענדען גערוך.

hydrocar'bon *n.* (האי-דרא-קאר'-באן) קויהלען־וואסער־שטאף [א כעמישע פערבינדונג פון קויהלען־שטאף און וואסער־שטאף].

hydrocarbona'ceous *a.* (האי-דרא-קאר-בא-ניי'-שיאס) וואס איז שייך צו אדער ענטהאלט קויהלען־וואסער־שטאף.

hydrocarbon'ic *a.* (האי-דרא-קאר-באנ'-איק) וואס האט די נאטור אדער וואס איז שייך צו קויהלען־וואסער־שטאף.

hydrocar'bonous *a.* (האי-דרא-קאר'-בא-נאס) ז. *hydrocarbonic*

hydrocar'dia *n.* (האי-דרא-קאר'-די-א) אן אנזאמלונג פון א וואסער־פליסיגקייט אין דעם זעקעל אין וועלכען דאס הארץ ליעגט.

hy'drocele *n.* (האי'-דרא-סיל) א וואסער־ברוך [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין אייער־בייטעל].

hydrocephal'ic *a.* (האי-דרא-סי-פעל'-איק) וואס איז שייך צו קאפ־וואסערזוכט. ז. *hydrocephalus*

hydroceph'aloid *a.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צו קאפ־וואסערזוכט [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין קאפ].

hydroceph'alous *a.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאס) ז. *hydrocephaloid*

hydroceph'alus *n.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאס) קאפ־וואסערזוכט [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין קאפ].

hydrochlo'rate *n.* (האי-דרא-קלאו'-רייט) זאלץ־זויער־זאלץ, הידרא־כלאר זויער־זאלץ [א כעמישער זאלץ וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער־שטאף מיט כלאר].

hydrochlo'ric *a.* (האי-דרא-קלאו'-ריק) וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער־שטאף מיט כלאר; זאלץ־זויער.

hydrochlo'ric ac'id (האי-דרא-קלאו'-ריק עס'-איד) הידרא־כלאר זויערע, זאלץ־זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון וואסער־שטאף מיט כלאר וועלכע שטעלט פאר א קאלירלאזען גאז מיט א שטיקענדען גערוך און א זויערען געשמאק].

hydrocyan'ic *a.* (האי-דרא-סאי-ענ'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער־שטאף און ציאן.

hydrocyan'ic ac'id (האי-דרא-סאי-ענ'-איק עס'-איד) ציאן־זויערע אדער בלוי־זויערע [א קאלירלאזע, שטארק גיפטיגע פליסיגקייט, וועלכע בעשטעהט פון א כעמישער פערבינדונג פון וואסער־שטאף מיט ציאן].

hydrocy'anide *n.* (האי-דרא-סאי'-ע-ניד) ציאן־זויער־זאלץ אדער בלוי־זויער־זאלץ.

hydrodynam'ic *a.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-איק) וואס איז שייך צו הידראדינאמיק; וואס איז שייך צו וואסער־קראפט.

hydrodynam'ical *a.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-אי-קעל) ז. *hydrodynamic*

hydrodynam'ics *n.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-איקס) הידראדינאמיק, וואסער־קראפט־לעהרע, אדער די לעהרע פון וואסער־בעוועגונג.

hydrodynamom'eter *n.* (האי-דרא-דאי-נע-מאמ'-ע-טער) א הידראדינאמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דרוק און די בעוועגונגס־געשווינדקייט פון וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען].

hy'dro-elec'tric *a.* (האי'-דראו-אי-לעק'-טריק) וואס איז ענטשטאנען פון אדער איז שייך צו עלעקטריציטעט וואס איז פראדוצירט געווארען דורך דער אנווענדונג פון א שטארקען דאמפף־דרוק.

induc'tric *a.* (אין-דאק'-טריק) וואס ווירקט דורך אינדוקציאן [ווי אן עלעקטריזירטער געגענשטאנד].

indue' *v.* (אין-דיו') בעקליידען; בעזארגען, אנטהאן.

in due course (אין דיו קאורס) אין פערלויף פון צייט, אין דעם משך פון צייט; אין דער אנגעגעבענער ריכטונג.

in due form (אין דיו פארם) אין דער ריכטיגער פארם, ווי עס דארף צו זיין.

indulge' *v.* (אין-דאלדזש') זיך נאכגעבען, זיך אבגעבען; זיך אריינלאזען; בעגינסטיגען, צערטליך בעהאנדלען; נאכגעבען [אימעצען וואס ער וויל].

Parents very often foolishly **indulge** their children.

indul'gence *n.* (אין-דאל'-דזשענס) דאס נאכגעבען; דאס אריינלאזען זיך; דאס אבגעבען זיך; א גינסטיגע אדער צערטליכע בעהאנדלונג; דאס נאכגעבען [אימעצען וואס ער פערלאנגט]; א פריינדליכע פערלענגערונג פון א צאהלונגס-טערמין פון א שולד; אינדולגענציע [א זינד-פערגעבונג, אין דער קאטוילישער רעליגיאן].

indul'gent *a.* (אין-דאל'-דזשענט) שוינענד; זעהר צערטליך אדער מילד; בעגינסטיגענד אדער בעפריעדיגענד אימעצענס פערלאנגען, נאכגעבענד; וואס גיט זיך נאך אין אלץ; וואס גיט זיך איבער.

indulgen'tial *a.* (אין-דאל-דזשענ'-שעל) וואס איז שייך צו זינד-פערגעבונג [אין דער קאטוילישער רעליגיאן].

indul'gently *adv.* (אין-דאל'-דזשענט-לי) אויף א זעהר צערטליכען אדער מילדען אופן; בעגינסטיגענדיג אדער בעפריעדיגענדיג אימעצענס פערלאנגען, נאכגעבענד; זיך נאכגעבענדיג אין אלץ; זיך איבערגעבענדיג.

indul'ger *n.* (אין-דאל'-דזשער) איינער וואס גיט זיך נאך אין אלץ; איינער וואס גיט נאך אימעצענס פערלאנגען.

indult' *n.* (אין-דאלט') אן ערלויבניס פון פאפסט; א פריווילעגיע געגעבען פון פאפסט; אן אבצאהל וואס מען פלעגט אמאל צאהלען אין שפאניען צום קעניג פאר אריינגעפיהרטע זאכען פון אמעריקא.

indumen'tum *n.* (אין-דיו-מענ'-טאם) די פעדערען-בעדעקונג פון פויגלען; א האריגע בעדעקונג פון פלאנצען.

indur'able *a.* (אין-דיור'-עבל) ניט דויערהאפט, וואס האלט ניט לאנג.

in'durate *v.* (אינ'-דיו-רייט) הארט ווערען; הארט מאכען; פערהארטעווען.

indura'tion *n.* (אין-דיו-ריי'-שאן) די הארט-ווערונג; די הארט-מאכונג; דאס פערהארטעווען; א פערהארטעוועטער טייל; א פערהארטונג; הארטקייט; געפיהללאזינקייט.

in'durative *a.* (אינ'-דיו-ריי-טיוו) וואס פערהארטעוועט; פערהארטעווענדיג.

indu'sial *a.* (אין-דיו'-זשי-על) וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע הייטלעך פון אינזעקטען-לארווען.

indu'sial lime'stone (אין-דיו'-זשי-על לאימ'-סטאון) א געוויסער וואסער-קאלכשטיין פון אן אלטער געאלאגישער פעריאדע, וועגען וועלכען מען נעהמט אן, אז ער בעשטעהט פון די פערשטיינערטע הייטלעך פון אינזעקטען-לארווען.

indu'sium *n.* (אין-דיו'-זשי-אם) אין באטאניק — דאס אויבערשטע הייטעל, מיט וועלכען עס זיינען בעצויגען די זאמען פון פארנקרויט אדער פאפאראטניק; דאס האריגע דעקעל, וואס בעדעקט די נארבע אדער די אויבערשטע עפנונג פון א בלום; דאס שיידעל, אין וועלכען עס האלט זיך די לארווע פון אן אינזעקט; אין אנאטאמיע — דאס הייטעל, אין וועלכען עס האלט זיך דער עמבריאן אדער ולד.

indus'trial *a. and n.* (אין-דאס'-טרי-על) אינדוסטריעל; וואס איז שייך צו אינדוסטריע אדער געווערב; א האנדארבייטער.

indus'trialism *n.* (אין-דאס'-טרי-על-איזם) אינדוסטריאליזם, א שטארקע איבערגעגעבענהייט צו די אינטערעסען פון אינדוסטריע און האנדעל; אינדוסטריעלע טהעטיגקייט; פראדוקטיווע ארבייט, מלאכות; דער פרינציפ, אז די ארבייטער דארפען זיין ארגאניזירט אין יוניאנס [געווערקשאפטען] ניט לויט די איינצעלנע פאכען פון דער אינדוסטריע, אין וועלכער זיי זיינען בעשעפטיגט, נאר אין איין ארגאניזאציאן פון דער גאנצער אינדוסטריע.

indus'trialist *n.* (אין-דאס'-טרי-על-איסט) אינדוסטריאליסט, איינער וואס איז שטארק איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון אינדוסטריע און האנדעל; אן אנהענגער פון דעם אינדוסטריעלען ארגאניזאציאנס-פרינציפ. ז. *industrialism*

indus'trialize *v.* (אין-דאס'-טרי-על-איז) דורכדרינגען אדער זיין דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון אינדוסטריאליזם. ז. *industrialism*

indus'trially *adv.* (אין-דאס'-טרי-על-אי) לויט דער אינטערעסע פון דער אינדוסטריע.

indus'trial school (אין-דאס'-טרי-על סקוהל) א שוהל וואו מען לערענט פערשיעדענע צווייגען פון אינדוסטריע; א שוהל וואו מען לערענט ארימע אדער צולאזענע קינדער פערשיעדענע מלאכות.

Indus'trial Wor'kers of the World (אין-דאס'-טרי-על הוואיר'-קערז אוו טהי הוואירלד) אן אמעריקאנישע רעוואלוציאנערע ארבייטער-ארגאניזאציאן, וואס איינער פון איהרע הויפט פרינציפען איז דער אינדוסטריאליזם. ז. *industrialism*

indus'trious *a.* (אינ-דאַס'-טרי-אַס) אַרבייטזאַם; פלייסיג.

indus'triously *adv.* (אינ-דאַס'-טרי-אַס-לי) אויף אַן אַרבייטזאַמער, פלייסיגער אַרט.

indus'triousness *n.* (אינ-דאַס'-טרי-אַס-נעס) אַרבייטזאַמקייט, פלייסיגקייט.

in'dustry *n.* (אינ'-דאַס-טרי) אַרבייטזאַמקייט; פלייס; אינדוסטריע, בעטריעבזאַמקייט.

indu'viæ *n.* (אינ-דיו'-ווי-איע) אין באָטאַניק — די פערוועלקטע בלעטער, וואָס בלייבען אויף'ן שטאַם פון געוויסע פלאַנצען און פאַלען ניט אַראָב.

indwell' *v.* (אינ-דהוועל') וואָהנען אָדער געפינען זיך שטענדיג אינוועניג; זיין שטענדיג אין גייסט, אין דער מענשליכער נשמה [ווי אַ געוויסע אידעע אָדער געפיהל].

in'dweller *n.* (אינ'-דהוועל-ער) אַ בעוואָהנער, איינער וואָס וואָהנט אין אַ געוויסען פלאַץ.

in'dwelling *a.* and *n.* (אינ'-דהוועל-אינג) וואָס געפינט זיך אינוועניג, אין גייסט אָדער אין דער מענשליכער נשמה; הערצליך; אַן אינערליך, הערצליך געפיהל אָדער אידעע.

inearth' *v.* (אינ-אוירטה') בעערדיגען.

ine'briacy *n.* (אינ-אי'-ברי-ע-סי) דאָס שכור'ן; דאָס זיין צוגעוואָהנט צו שכרות.

ine'briant *a.* and *n.* (אינ-אי'-ברי-ענט) וואָס בערוישט אָדער מאַכט שכור; עפּעס וואָס שכור'ט אַן.

ine'briate *v.* (אינ-אי'-ברי-אייט) בערוישען, שכור מאַכען; זיך אָנ'שכור'ען, זיך בערוישען, זיין פער'שכור'ט [ווי מיט אַ געוויסער אידעע אָדער געפיהל]; בערוישט, פער'שכור'ט; אַ שכור, אַ פּיאַניצע.

inebria'tion *n.* (אינ-אי-ברי-איי'-שאַן) בעטרונקענהייט, שכרות; דאָס זיין בערוישט אָדער פער'שכור'ט מיט אַ געוויסער אידעע אָדער געפיהל.

inebri'ety *n.* (אינ-אי-בראַי'-ע-טי) ז. *inebriation*.

ine'brious *a.* (אינ-אי'-ברי-אַס) בעטרונקען, אַנגע'שכור'ט.

inedibil'ity *n.* (אינ-עד-אי-ביל'-אי-טי) דאָס זיין אונעסבאַר, דאָס ניט קענען געברויכט ווערען צום עסען.

ined'ible *a.* (אינ-עד'-איבל) אונעסבאַר, וואָס מען קען ניט עסען.

ined'ita *n.* (אינ-עד'-אי-טאַ) ניט געדרוקטע שריפטען; אַ ווערק וואָס איז אָנגעשריבען אָבער ניט געדרוקט.

ined'ited *a.* (אינ-עד'-אי-טעד) אונגעדרוקט, ניט אַרויסגעגעבען.

ined'ucable *a.* (אינ-עד'-יו-קעבל) אונערצויגען, אונגעלערענט.

ineffabil'ity *n.* (אינ-עפ-ע-ביל'-אי-טי) אונאויסשפּרעכליכקייט.

inef'fable *a.* (אינ-עפ'-עבל) אונאויסשפּרעכליך, וואָס קען ניט אויסגעשפּראָכען ווערען אין ווערטער.

inef'fableness *n.* (אינ-עפ'-עבל-נעס) אונאויסשפּרעכליכקייט.

inef'fably *adv.* (אינ-עפ'-ע-בלי) אויף אַן אופן וואָס קען ניט אויסגעשפּראָכען ווערען.

ineffa'ceable *a.* (אינ-ע-פיי'-סעבל) וואָס קען ניט אויסגעמעקט ווערען.

ineffa'ceably *adv.* (אינ-ע-פיי'-סע-בלי) אויף אַן אופן וואָס קען ניט אויסגעמעקט ווערען.

ineffec'tive *a.* (אינ-ע-פעק'-טיוו) אונווירקזאַם, קראַפטלאָז, אונטהעטיג.

ineffec'tively *adv.* (אינ-ע-פעק'-טיוו-לי) אויף אַ שוואַכען, אונווירקזאַמען שטייגער.

ineffec'tual *a.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על) וואָס מאַכט ניט קיין עפעקט אָדער ווירקונג.

ineffec'tually *adv.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על-אי) אויף אַן אופן וואָס מאַכט ניט קיין עפעקט אָדער ווירקונג.

ineffec'tualness *n.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על-נעס) אונווירקזאַמקייט, דאָס ניט מאַכען קיין עפעקט.

inefferves'cence *n.* (אינ-עפ-ער-וועס'-ענס) דאָס ניט אויפזידען, אויפברויזען, שוימען אָדער געהרען.

inefferves'cent *a.* (אינ-עפ-ער-וועס'-ענט) וואָס קען ניט אויפזידען, אויפברויזען אָדער געהרען.

ineffervescibil'ity *n.* (אינ-עפ-ער-וועס-אי-ביל'-אי-טי) דאָס ניט קענען אויפזידען אָדער געהרען [ווי ביער אָדער וויין ביים זייערען].

inefferves'cible *a.* (אינ-עפ-ער-וועס'-איבל) וואָס קען ניט זידען, ברויזען אָדער שוימען; וואָס קען ניט געהרען [ווי ביער אָדער וויין ביים זייערען]; וואָס קען ניט מאַכען זידען, ברויזען, שוימען אָדער געהרען.

ineffica'cious *a.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאַס) וואָס מאַכט ניט קיין ווירקונג; וואָס רופט ניט אַרויס קיין רעזולטאַט.

ineffica'ciously *adv.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאַס-לי) אונווירקזאַם; אונקרעפטיג, שוואַך.

ineffica'ciousness *n.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאַס-נעס) די אונווירקזאַמקייט; דאָס ניט פיהרען צו קיין רעזולטאַט.

inef'ficacy *n.* (אינ-עפ'-אי-קע-סי) ז. *ineffectualness*.

ineffi'ciency *n.* (אינ-ע-פיש'-ען-סי) אונפעהיגקייט; אונווירקזאַמקייט, קראַפטלאָזיגקייט; אונטהעטיגקייט.

ineffi'cient *a.* (אינ-ע-פיש'-ענט) אונפעהיג; ניט קאָמפּעטענט; אונווירקזאַם, אונטהעטיג.

ineffi'ciently *adv.* (אינ-ע-פיש'-ענט-לי) אָהן ווירקונג, אָהן ערפאָלג.

inefful'gent *a.* (אינ-ע-פאַל'-דזשענט) וואָס שיינט ניט; וואָס בלישטשעט ניט.

in ei'ther case (אין אי'-טהער קייס) אין ביידע פעלע, אין יעדען פון ביידע פעלע.

inelab'orate *a.* (אינ-אי-לעב'-אָ-רייט) וואָס איז ניט אויסגעאַרבייט.

inelas'tic *a.* (אינ-אי-לעס'-טיק) ניט עלאַסטיש, ניט בויגזאַם, ניט נאָכגיעביג; וואָס לאָזט זיך ניט אונטערגעבען.

inel'egance *n.* (אינ-על'-אי-גענס) אונעלעגאַנטקייט, דאָס זיין ניט עלעגאַנט; אונציערליכקייט.

inel'egancy *n.* (אינ-על'-אי-גען-סי) ז. *inelegance*.

inel'egant *a.* (אינ-על'-אי-גענט) ניט עלעגאַנט, ניט ציערליך.

inel'egantly *adv.* (אינ-על'-אי-גענט-לי) אויף אַ ניט עלעגאַנטען אָדער אונציערליכען אופן.

ineligibil'ity *n.* (אינ-על-אי-דזשי-ביל'-אי-טי) אונוועהלבאַרקייט, דאָס ניט האָבען די נויטיגע פעהיגקייטען און אייגענשאַפטען צו זיין ערוועהלט.

inel'igible *a.* (אינ-על'-אי-דזשיבל) אונוועהלבאַר, וואָס האָט ניט די אייגענשאַפטען צו זיין אַן אויסערוועהלטער.

An immigrant is **ineligible** to the presidency of the United States.

inel'igibly *adv.* (אינ-על'-אי-דזשי-בלי) אויף אַן אופן וואָס מאַכט איינעם ניט ווערטה צו זיין ערוועהלט אָדער אויסערוועהלט.

inelim'inable *a.* (אינ-אי-לימ'-אי-נעבל) וואָס מען קען ניט אויסשטרייכען אָדער בעזייטיגען.

inel'oquent *a.* (אינ-על'-אָ-קוועוענט) ניט רעדנעריש; וואָס האָט ניט קיין רעדנער-קראַפט.

ineluc'table *a.* (אינ-אי-לאַק'-טעבל) וועלכען מען קען ניט בייקומען; פון וועלכען מען קען זיך ניט אַרויסדרעהען.

inelu'dible *a.* (אינ-אי-ליו'-דיבל) וואָס מען קען ניט אויסוויכען; פון וועלכען מען קען ניט אַנטרינען.

inept' *a.* (אינ-עפּט') אונזיניג; נוצלאָז; אונפּאַסענד, אונגעהעריג.

inep'titude *n.* (אינ-עפּ'-טי-טיוד) אונפּאַסיגקייט, אונגעהעריגקייט; אונזיניגקייט.

inept'ly *adv.* (אינ-עפּט'-לי) אויף אַן אונפּאַסיגען אָדער אונזיניגען שטייגער.

inept'ness *n.* (אינ-עפּט'-נעס) ז. *ineptitude*.

inequal'ity *n.* (אינ-אי-קוואָל'-אי-טי) אונגלייכהייט; אונגערעכטיגקייט; פּאַרטייליכקייט.

inequa'tion *n.* (אינ-אי-קוויי'-שאַן) אין מאַטעמאַטיק — אַן אונגלייכהייט.

inequidis'tant *a.* (אינ-אי-קוּוי-דיס'-טענט) וואָס איז ניט גלייך דערווייטערט.

inequilat'eral *a.* (אינ-אי-קוּוי-לעט'-ע-רעל) וואָס האָט ניט קיין גלייכע זייטען.

ineq'uitable *a.* (אינ-עק'-ווי-טעבל) אונגערעכט, ניט גראַד, ניט רעכט.

ineq'uitably *adv.* (אינ-עק'-ווי-טע-בלי) אויף אַן אונגערעכטער אָדער אונגראַדער אַרט.

ineq'uity *n.* (אינ-עק'-ווי-טי) אונגערעכט, דאָס זיין ניט על פי יושר.

ine'quivalve *a.* (אינ-אי'-קווי-וועלוו) וואָס האָט ניט קיין גלייכע דעקלעך אָדער קלאַפּעס [וועגען געוויסע מינים מושלען].

inequival'vular *a.* (אינ-אי-קווי-וועל'-וויו-לאַר) ז. *inequivalve*.

inerad'icable *a.* (אינ-אי-רעד'-אי-קעבל) וואָס קען ניט אויסגעוואָרצעלט ווערען.

inerad'icably *adv.* (אינ-אי-רעד'-אי-קע-בלי) ניט קענענדיג אויסגעוואָרצעלט ווערען.

inerget'ic *a.* (אינ-ער-דזשעט'-איק) וואָס האָט ניט קיין ענערגיע, וואָס איז אונקרעפטיג, אונווירקזאַם, אונטהעטיג.

inerm' *a.* (אינ-אוירם') אין באָטאַניק — וואָס איז ניט בעוואָפענט [אָהן שטאַכעלען].

iner'mous *a.* (אינ-אויר'-מאַס) ז. *inerm*.

iner'rable *a.* (אינ-ער'-עבל) וואָס מאַכט ניט קיין טעות; וואָס בלאָנדזשעט ניט.

iner'rancy *n.* (אינ-ער'-ען-סי) דאָס זיין פריי פון פעהלערען.

iner'rant *a.* (אינ-ער'-ענט) אָהן פעהלערען, אָהן אַ טעות.

inerrat'ic *a.* (אינ-ע-רעט'-איק) וואָס בלאָנדזשעט ניט; וואָס געפינט זיך אויף איין אָרט.

inert' *a.* (אינ-אוירט') אינערטיש, ניט

אקטיוו, וואס האט ניט קיין לעבן; וואס האט ניט קיין אינערליכע בעוועגונגסקראפט; אונטהעטיג, פויל, שלעפעריג, אונבעוועגליך.

iner'tia *n.* (אינ-אויר'-שיא) אין פיזיק — אינערציע, די אייגענשאפט פון שטאף, וועלכע דריקט זיך אויס אין זיין שטרעבונג צו פערבלייבען אלע מאל אין דעמזעלביגען צושטאנד, אין וועלכען ער געפינט זיך אין דעם אדער יענעם מאמענט [ווען דער שטאף געפינט זיך אין מאמענט פון בעוועגונג, שטרעבט ער צו בעוועגען זיך אהין אן אויפהער אין דער אנגעגעבענער ריכטונג; פערקעהרט, ווען ער געפינט זיך אין מאמענט פון רוה, שטרעבט ער צו פערבלייבען אלע מאל אין דיזער לאגע]; אונטעטיגקייט, דאס זיין ניט אקטיוו.

iner'tial *a.* (אינ-אויר'-שיעל) אינערטיש, וואס איז שייך צו אינערציע. ז. *inertia*.

inert'ly *adv.* (אינ-אוירט'-לי) אויף אן אונטהעטיגער ארט; אינערטיש.

inert'ness *n.* (אינ-אוירט'-נעס) דאס זיין אינערטיש; דאס ניט האבען קיין אקטיוויטעט; פויליקייט, אונטהעטיגקייט.

iner'udite *a.* (אינ-ער'-או-דאיט) וואס איז ניט געלעהרט; וואס האט ניט קיין ערודיציאן אדער בקיאות.

inesca'pable *a.* (אינ-עס-קיי'-פעבל) וואס איז אונפערמיידליך.

inescutche'on *n.* (אינ-עס-קאטש'-אן) א קליינער שילד אין מיטען פון א גרויסער.

Inescutcheon

inessen'tial *a.* (אינ-ע-סענ'-שעל) אונוועזענטליך; וואס איז ניט דער עצם, וואס איז ניט דער עיקר.

ines'timable *a.* (אינ-עס'-טי-מעבל) וואס מען קען ניט אבשאצען; אונשעצבאר, אונבערעכענבאר.

ines'timably *adv.* (אינ-עס'-טי-מע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט אבגעשאצט ווערען.

ineva'sible *a.* (אינ-אי-וויי'-זיבל) וואס איז אונפערמיידליך.

in eve'ry respect' (אין עוו'-רי רי-ספעקט') אין אלע בעציהונגען, אין יעדער הינזיכט.

inev'ident *a.* (אינ-עוו'-אי-דענט) וואס איז ניט אויגענשיינליך; ניט דייטליך; דונקעל.

inevitabil'ity *n.* (אינ-עוו-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונפערמיידליכקייט; דאס ניט קענען פערמיידען ווערען.

inev'itable *a.* (אינ-עוו'-אי-טעבל) אונפערמיידליך.

inev'itableness *n.* (אינ-עוו'-אי-טעבל-נעס) ז. *inevitability*.

inev'itably *adv.* (אינ-עוו'-אי-טע-בלי) אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

inexact' *a.* (אינ-עג-זעקט') אונפינקטליך, אונגענוי, אונריכטיג.

inexact'ly *adv.* (אינ-עג-זעקט'-לי) אויף אן אונפינקטליכען אדער אונגענויעם שטייגער.

inexact'ness *n.* (אינ-עג-זעקט'-נעס) אונפינקטליכקייט, אונריכטיגקייט.

inexcitabil'ity *n.* (אינ-עק-סאי-טע-ביל'-אי-טי) אונעררעגבארקייט, דאס ניט קענען אויפגערעגט ווערען.

inexci'table *a.* (אינ-עק-סאי'-טעבל) אונערעגבאר, וואס קען ניט אויפגערעגט ווערען.

inexcu'sable *a.* (אינ-עקס-קיו'-זעבל) וואס מען קען ניט ענטשולדיגען אדער פערצייהען.

inexcu'sableness *n.* (אינ-עקס-קיו'-זעבל-נעס) אונפערצייהליכקייט; דאס ניט קענען ענטשולדיגט ווערען.

inexcu'sably *adv.* (אינ-עקס-קיו'-זע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט ענטשולדיגט ווערען.

inexecu'table *a.* (אינ-עק-סי-קיו'-טעבל) וואס קען ניט ערפילט ווערען; אונדורכפיהרבאר.

inexecu'tion *n.* (אינ-עק-סי-קיו'-שאן) די ניט-ערפילונג; דאס ניט דורכפיהרען.

inexer'tion *n.* (אינ-עג-זויר'-שאן) אונטהעטיגקייט.

inexha'lable *a.* (אינ-עקס-היי'-לעבל) וואס קען ניט פערדאמפפט אדער אויסגעדונסטעט ווערען; וואס מען קען ניט פערוואנדלען אין דאמפף [פארע]; וואס קען ניט אויסגעוועפט ווערען.

inexhaustibil'ity *n.* (אינ-עג-זאהס-טי-ביל'-אי-טי) דאס זיין אונערשעפליך; דאס ניט קענען זיך אויסנעהמען.

inexhaus'tible *a.* (אינ-עג-זאהס'-טיבל) אונערשעפפליך; וואס קען זיך ניט אויסנעהמען.

inexhaus'tibleness *n.* (אינ-עג-זאהס'-טיבל-נעס) ז. *inexhaustibility*.

inexhaus'tibly *adv.* (אינ-עג-זאהס'-טי-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט אויסגעשעפט ווערען.

inexhaus'tive *a.* (אינ-עג-זאהס'-טיוו) ז. *inexhaustible*.

inexis'tence *n.* (אינ-עג-זיס'-טענס) דאס ניט עקזיסטירען.

inexis'tent *a.* (אינ-עג-זיס'-טענט) וואס עקזיסטירט ניט.

inexorabil'ity *n.* (אינ-עק-סא-רע-ביל'-אי-טי) אונערביטליכקייט, דאס ניט געריהרט ווערען דורך איינעמס בקשה.

inex'orable *a.* (אינ-עק'-סא-רעבל) אונערביטליך, וואס ווערט ניט געריהרט פון א בקשה.

inex'orableness *n.* (אינ-עק'-סא-רעבל-נעס) ז. *inexorability*.

inex'orably *adv.* (אינ-עק'-סא-רע-בלי) זייענדיג אונערביטליך; זייענדיג אונגעריהרט פון א בקשה.

inexpe'diency *n.* (אינ-עקס-פי'-די-ענ-סי) דאס זיין ניט ראטהזאם; דאס זיין ניט צוגעפאסט צו דער צייט אדער צו די אומשטענדען; אונפאסיגקייט; צוועקלאזיגקייט.

inexpe'dient *a.* (אינ-עקס-פי'-די-ענט) ניט אין צייט, אונפאסענד; אונראטהזאם; ניט צוגעפאסט צו דער צייט אדער צו די אומשטענדען.

It is often inexpedient to assert one's rights.

inexpe'diently *adv.* (אינ-עקס-פי'-די-ענט-לי) אויף אן אונראטהזאמען אופן; ניט צוגעפאסטערהייד; ניט אין דער פאסיגער צייט אדער ניט אין פאסיגען ארט.

inexpen'sive *a.* (אינ-עקס-פענ'-סיוו) ניט אויסבערגענריש, ניט טהייער.

inexpe'rience *n.* (אינ-עקס-פי'-רי-ענס) אונערפאהרענהייט.

inexpe'rienced *a.* (אינ-עקס-פי'-רי-ענסט) אונערפאהרען.

inexpert' *a.* (אינ-עקס-פוירט') וואס איז ניט קיין עקספערט; ניט אויטאריטעט, ניט ערפאהרען.

inexpert'ness *n.* (אינ-עקס-פוירט'-נעס) די ניט-ערפאהרענהייט, ניט-געניטקייט; דאס זיין ניט קיין עקספערט אדער אויטאריטעט אין א געוויסער זאך.

inex'piable *a.* (אינ-עקס'-פי-עבל) וואס קען ניט פערגעבען ווערען, וואס קען ניט פערצייהט ווערען; וואס קען ניט שלום ווערען.

inex'piableness *n.* (אינ-עקס'-פי-עבל-נעס) דאס ניט קענען פערגעבען ווערען; דאס ניט קענען שלום ווערען.

inex'piably *adv.* (אינ-עקס'-פי-ע-בלי) אויף אן אונפערגעבליכען אדער אונפערצייהליכען אופן.

inexplai'nable *a.* (אינ-עקס-פליי'-נעבל) אונערקלערליך, אונערקלערבאר, וואס מען קען ניט ערקלערען.

inexplicabil'ity *n.* (אינ-עקס-פלי-קע-ביל'-אי-טי) אונערקלערבארקייט; עפעס וואס מען קען ניט ערקלערען.

inex'plicable *a.* (אינ-עקס'-פלי-קעבל) אונערקלערליך, אונערקלערבאר.

inex'plicableness *n.* (אינ-עקס'-פלי-קעבל-נעס) דאס זיין אונערקלערבאר.

inex'plicables *n.* (אינ-עקס'-פלי-קעבלז) הויזען, פלודערען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

inex'plicably *adv.* (אינ-עקס'-פלי-קע-בלי) אויף אן אונערקלערבארען אופן; אונערקלערליך.

inexplic'it *a.* (אינ-עקס-פליס'-איט) אונערקלערט; ניט דייטליך, ניט אויסדריקליך ערקלערט.

inexplor'able *a.* (אינ-עקס-פלאר'-עבל) וואס קען ניט אויסגעפארשט ווערען, וואס קען ניט ענטדעקט ווערען.

inexplo'sive *a.* (אינ-עקס-פלאו'-סיוו) וואס קען ניט עקספלאדירען.

inexpress'ible *a.* (אינ-עקס-פרעס'-איבל) וואס מען קען ניט אויסדריקען מיט ווערטער; אונאויסשפרעכליך; אונבעשרייבליך.

inexpress'ibles *n.* (אינ-עקס-פרעס'-איבלז) הויזען, פלודערען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

inexpress'ibly *adv.* (אינ-עקס-פרעס'-אי-בלי) ניט אויסצודריקען מיט ווערטער; אויף אן אונאויסשפרעכליכען אדער אונבעשרייבליכען אופן.

inexpres'sive *a.* (אינ-עקס-פרעס'-איוו) אהן אויסדרוק; אויסדרוקסלאז.

inexpres'siveness *n.* (אינ-עקס-פרעס'-איוו-נעס) אויסדרוקסלאזיגקייט.

inexpugnabil'ity *n.* (אינ-עקס-פאג-נע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען בייגעקומען, בעצוואונגען אדער איינגענומען ווערען.

inexpug'nable *a.* (אינ-עקס-פאג'-נעבל) וואס מען קען ניט בייקומען, בעצווינגען אדער איינגעהמען.

inexpug'nably *adv.* (אינ-עקס-פאג'-נע-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט בייצוקומען; ניט איינצונעהמבאר, ניט בעצווינגבאר; ניט צו איבערווינדען.

inexpun'gible *a.* (אינ-עקס-פאנ'-דזשיבל) וואס קען ניט אבגעמעקט אדער אויסגעמעקט ווערען.

inexten'ded *a.* (אינ-עקס-טענ'-דעד) ניט אויסגעצויגען; ניט אויסגעברייטערט.

inextensibil'ity *n.* (אינ-עקס-טענ-סי-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען אויסגעצויגען אדער אויסגעברייטעט ווערען.
inexten'sible *a.* (אינ-עקס-טענ'-סיבל) וואס קען ניט ווערען אויסגעברייטעט אדער אויסגעצויגען.
inexten'sion *n.* (אינ-עקס-טענ'-שאן) מאנגעל אין אויסציהונג אדער אויסברייטונג.
in exten'so (אין עקס-טענ'-סאו) אין דער פולער לענג אדער אין דער פולער גרויס; אהן פערקירצונגען.
In my next letter I shall tell you **in extenso** of the occurrences.
inexter'minable *a.* (אינ-עקס-טויר'-מי-נעבל) וואס איז ניט אויסצוראטטען אדער צו פערטיליגען.
inextinct' *a.* (אינ-עקס-טינקט') ניט אויסגעלאשען; ניט פערטיליגט.
inextin'guishable *a.* (אינ-עקס-טינ'-גהוויש-עבל) אונאויסלעשליך; אונלעשבאר. וואס מען קען ניט פערלעשען; וואס קען ניט פערניכטעט אדער אונגילטיג געמאכט ווערען.
inextin'guishably *adv.* (אינ-עקס-טינ'-גהוויש-ע-בלי) אויף אן אונלעשבארען אופן; ניט קענענדיג אויסגעלאשען אדער פערניכטעט ווערען.
in extre'mis (אין עקס-טרי'-מיס) אין דער העכסטער געפאהר; אין אויסהויכען די נשמה, אין דער לעצטער גסיסה.
inex'tricable *a.* (אינ-עקס'-טרי-קעבל) וואס מען קען ניט אויספלאנטערען.
On the witness stand he got himself into an **inextricable** tangle by attempting to conceal the truth.
inex'tricableness *n.* (אינ-עקס'-טרי-קעבל-נעס) די אונמעגליכקייט אויסצופלאנטערען.
inex'tricably *adv.* (אינ-עקס'-טרי-קע-בלי) אויף אן אופן וואס מען קען ניט אויספלאנטערען.
in'fair *n.* (אינ'-פעהר) ז. *infare*.
in'fall *n.* (אינ'-פאהל) א צונויפפאלונג, א צונויפגיסונג, א צונויפשטראמונג; דאס ארט וואו דאס וואסער גיסט זיך אריין אין א רעזערוואואר אדער א באסיין.
infal'libilism *n.* (אינ-פעל'-אי-בי-ליזם) דער פרינציפ פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט איז אונפעהלבאר [ד. ה. ער קען קיין טעות ניט מאכען אין רעליגיאנס-אנגעלעגענהייטען].
infal'libilist *n.* (אינ-פעל'-אי-בי-ליסט) איינער וואס האלט פון דער דאגמא פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט איז אונפעהלבאר [קען קיין טעות ניט מאכען אין רעליגיאנס-אנגעלעגענהייטען].
infallibil'ity *n.* (אינ-פעל-אי-ביל'-אי-טי) אונפעהלבארקייט, דאס ניט קענען מאכען קיין טעות; די בעהויפטונג, אז די קירך אלס גאנצע קען קיין פעהלער ניט מאכען; די דאגמא פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט קען קיין טעות ניט מאכען [אין רעליגיאנס-אנגעלעגענהייטען]; א פאלשטענדיגע זיכערהייט אין ערפאלג; אונמעגליכקייט פון א דורכפאל.
infal'lible *a.* (אינ-פעל'-איבל) אונפעהלבאר, וואס קען ניט מאכען קיין פעהלער; פאלשטענדיג זיכער; אונמעגליך צו האבען א דורכפאל; וואס מען קען זיך דארויף פאלשטענדיג פערלאזען.
infal'libleness *n.* (אינ-פעל'-איבל-נעס) ז. *infallibility*.
infal'libly *adv.* (אינ-פעל'-אי-בלי) אהן א דורכפאל אדער פעהלער; מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט.
I have found his judgment **infallibly** correct.
infam'atory *a.* (אינ-פעמ'-ע-טא-רי) פערלוימדעריש; שענדליך, נידערטרעכטיג.
infamed' *a.* (אינ-פיימד') בעשימפפט, געמאכט צו שאנדע.
in'famous *a.* (אינ'-פיי-מאס) שענדליך; פערעכטליך; נידערטרעכטיג; אבשייליך.
in'famously *adv.* (אינ'-פיי-מאס-לי) אויף א שענדליכען, פערעכטליכען אדער אבשייליכען אופן.
in'famousness *n.* (אינ'-פיי-מאס-נעס) עהרלאזיגקייט; שאנדע; נידערטרעכטיגקייט.
in'famy *n.* (אינ'-פיי-מי) עהרלאזיגקייט; שאנדע; נידערטרעכטיגקייט; א סקאנדאלעזע רעפוטאציע.
in'fancy *n.* (אינ'-פענ-סי) קינדהייט; מינדער-יעהריגקייט; די אנפאנגס-יאהרען; אן אנפאנג אדער א גאנץ פריהע פעריאדע אין דער געשיכטע.
in'fant *n. and a.* (אינ'-פענט) א קינד; א זויגלינג; אן אונמינדיגער אדער מינדער-יעהריגער; יוגענדליך; קינדיש, וואס איז נאך אין א קינדישען צושטאנד; וואס איז אין אן אנפאנגס-צושטאנד.
infan'ta *n.* (אינ-פענ'-טא) א שפאנישע אדער פארטוגעזישע פרינצעסין.
infan'te *n.* (אינ-פענ'-טע) א שפאנישער אדער פארטוגעזישער פרינץ.
in'fanthood *n.* (אינ'-פענט-הוד) די ערשטע קינדהייט; די קינדער-יאהרען.
infan'ticidal *a.* (אינ-פענ'-טי-סאי-דעל) קינדער-מערדעריש, וואס איז שייך צו קינדער-מארד אדער צו א קינדער-מערדער.
infan'ticide *n.* (אינ-פענ'-טי-סאיד) קינדער-מארד; א קינדער-מערדער.
in'fantile *a.* (אינ'-פענ-טיל) קינדיש; יוגענדליך; ווי א קינד.
in'fantine *a.* (אינ'-פענ-טין) ז. *infantile*.
in'fantry *n.* (אינ'-פענ-טרי) אינפאנטעריע, פוס-סאלדאטען; קינדערשאפט, א קינדער-כאליאסטרע [אלס א הומאריסטישער אויסדרוק].
in'fantryman *n.* (אינ'-פענ-טרי-מען) אן אינפאנטעריע-סאלדאט, א פוס-סאלדאט.
in'fant-school *n.* (אינ'-פענט-סקוהל) א קליין-קינדער-שוהל.
infarct' *n.* (אינ-פארקט') אין מעדיצין — דאס וואס פערשטאפט.
infarc'ted *a.* (אינ-פארק'-טעד) פערשטאפט.
infarc'tion *n.* (אינ-פארק'-שאן) פערשטאפונג.
infare' *v.* (אינ-פעהר') אריינגעהן, אריינקומען.
in'fare *n.* (אינ'-פעהר) א חנוכת-הבית יום-טוב; אן אונטערהאלטונג אדער א קערמישעל וואס א יונג פאר פאלק מאכט ביים אריינציהען אין אן אייגענער וואהנונג.
infat'uate *v. and a.* (אינ-פעט'-יו-אייט) פערדרעהען דעם קאפ, אראבפיהרען פון שכל; פערבלענדען; פערדרעהט דעם קאפ, פערלארען דעם שכל; פערבלענדעט; פערקאכט.
infat'uated *a.* (אינ-פעט'-יו-איי-טעד) פערדרעהט דעם קאפ, פערלארען דעם שכל; פערבלענדעט; פערקאכט.
infatua'tion *n.* (אינ-פעט-יו-איי'-שאן) 1. דאס פערדרעהען דעם קאפ, דאס אראבפיהרען פון שכל; 2. פערבלענדונג; דאס זיין פערקאכט.
1. His **infatuation** for the young lady was the cause of his downfall.
in fa'vor of (אין פיי'-וואר אוו) צו גונסטען; פאר.
The cause was decided **in favor of** the employee.
infeasibil'ity *n.* (אינ-פיע-זי-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען געטהאן ווערען; אונמעגליכקייט אויסצופיהרען אדער צו טהאן.
infea'sible *a.* (אינ-פיע'-זיבל) וואס קען ניט געטהאן ווערען; וואס איז אונמעגליך אויסצופיהרען.
infea'sibleness *n.* (אינ-פיע'-זיבל-נעס) ז. *infeasibility*.
infect' *v.* (אינ-פעקט') אנשטעקען; פערגיפטען; פערדארבען, פערפעסטען; בעפלעקען; מאכען שטראפבאר; ערקלערען אלס אונגעזעצליך, ערלויבען עפעס זאל פערכאפט אדער קאנפיסקירט ווערען.
infec'tant *a.* (אינ-פעק'-טענט) עטוואס וואס שטעקט אן.
infec'tedness *n.* (אינ-פעק'-טעד-נעס) אנגעשטעקטקייט.
infec'ter *n.* (אינ-פעק'-טער) איינער אדער עפעס וואס שטעקט אן.
infec'tion *n.* (אינ-פעק'-שאן) אנשטעקונג; פערפעסטונג, פערגיפטונג, פערדארבונג; דאס מאכען עטוואס אונגעזעצליך אדער שטראפבאר; אן ערלויבניס עטוואס צו קאנפיסקירען; עטוואס וואס שטעקט אן מיט עפעס.
infec'tionist *n.* (אינ-פעק'-שאנ-איסט) איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז קראנקהייטען קומען פון אנשטעקונג.
infec'tious *a.* (אינ-פעק'-שאס) אנשטעקענד; פערפעסטענד, פערגיפטענד, פערדארבענד; וואס איז ערקלערט אלס אונגעזעצליך אדער שטראפבאר; וואס קען קאנפיסקירט ווערען.
infec'tiously *adv.* (אינ-פעק'-שאס-לי) אויף אן אנשטעקענדען, פערדארבענדען אדער פערפעסטענדען שטייגער.
infec'tiousness *n.* (אינ-פעק'-שאס-נעס) אנשטעקעדיגקייט; פערפעסטיגונג, פערדארבליכקייט.
infec'tive *a.* (אינ-פעק'-טיוו) אנשטעקענד.
infec'tively *adv.* (אינ-פעק'-טיוו-לי) דורך אנשטעקונג; אויף אן אנשטעקענדען אופן.
infec'tiveness *n.* (אינ-פעק'-טיוו-נעס) אנשטעקיגקייט.
infectiv'ity *n.* (אינ-פעק-טיוו'-אי-טי) אנשטעקיגקייט.
infecund' *a.* (אינ-פי-קאנד') אונפרוכטבאר.
infecun'dity *n.* (אינ-פי-קאנ'-די-טי) אונפרוכטבארקייט.
infelic'itous *a.* (אינ-פי-ליס'-אי-טאס) אונגליקליך; אונגעלונגען, אונגינסטיג, אונפאסיג, אונגעשיקט, וואס איז ניט אם פלאץ.
infelic'ity *n.* (אינ-פי-ליס'-אי-טי) אונגליקליכקייט, אונגליק, עלענד; אונפאסיגקייט, אונשיקליכקייט, אונגינסטיגקייט; אן אונגעלונגענער, אונפאסיגער אויסדרוק.
infelo'nious *a.* (אינ-פע-לאו'-ני-אס) ניט פערברעכעריש, וואס קען ניט בעשטראפט ווערען געזעצליך. ז. *felony*.
in'felt *a.* (אינ'-פעלט) וואס ווערט געפיהלט אינערליך; שטארק געפיהלט.
infer' *v.* (אינ-פויר') אויספיהרען, ארויס-

ברייננגען, שליסען אדער דרינגען פון עפעס; ציהען א לאגישען שלום.

infer'able *a.* (אינ-פויר'-עבל) וואס מען קען דרינגען אדער ציהען אלס שלום.

in'ferably *adv.* (אינ'-פויר-ע-בלי) דורך ארויסדרינגען, דורך ציהען שליסע פון עפעס.

in'ference *n.* (אינ'-פער-ענס) א שלום, א לאגישע שלום=פאלגערונג, אן אויספיהר.

inferen'tial *a.* (אינ-פע-רענ'-שעל) וואס איז שייך צו א לאגישער שלום=פאלגערונג; וואס קען געצויגען ווערען אלס לאגישער שלום.

inferen'tially *adv.* (אינ-פע-רענ'-שעל-אי) אויף'ן אופן פון א לאגישער שלום=פאלגערונג; דורך א לאגישער שלום=פאלגערונג.

infe'rior *a. and n.* (אינ-פי'-רי-אר) נידריגער; אונטערער; וואס איז וועניגער וויכטיג; וואס איז פון קליינעם ווערטה; אין אסטראנאמיע — וואס געפינט זיך צווישען דער ערד און דער זון, וואס געפינט זיך אונטער'ן האריזאנט; איינער פון א נידריגערען ראנג, אן אונטערגעארדענטער.

infe'rior court (אינ-פי'-רי-אר קאורט) א געריכט מיט א בעשרענקטער מאכט צו פערהאנדלען געוויסע געריכטס=פראצעסען.
The **inferior courts** of the state have jurisdiction over minor offences or over civil cases involving small amounts.

inferior'ity *n.* (אינ-פי-רי-אר'-אי-טי) נידריגקייט; נידריגערער שטאנד, קלענערער ווערטה.

infe'riorly *adv.* (אינ-פי'-רי-אר-לי) אויף א נידריגערען, אונוויכטיגערען אדער וועניגער ווערטהפאלען אופן; אונטען, אין די אונטערשטע טיילען.

infe'rior to none (אינ-פי'-רי-אר טו נאן) ניט נידריגער פון קיינעם.

infe'rior ve'na ca'va (אינ-פי'-רי-אר ווי'-נא קיי'-ווא) די גרויסע בלוט=ארטעריע וואס פיהרט דאס בלוט פון די פיס און בויך אין דעם רעכטען אויערעל פון הארץ.
ז. איל. "*Bloodvessels of the Human Body*"

infer'nal *a. and n.* (אינ-פויר'-נעל) העליש, טייפעליש; אבשייליך; א טייפעל; איינער אדער עטוואס וואס איז טייפעליש, וואס בריינגט פערניכטונג א. ז. וו.; אן אויפרייסונגס=מאשין, א טארפעדא.

infernal'ity *n.* (אינ-פויר-נעל'-אי-טי) העלישקייט, טייפעלשקייט.

infer'nally *adv.* (אינ-פויר'-נעל-אי) אויף א העלישען, טייפעלשען אדער אבשייליכען שטייגער.

infer'nal machine' (אינ-פויר'-נעל מע-שין') א טייפעלשע מאשין, אן אויפרייסונגס=מאשין, א טארפעדא.

infer'nal re'gions (אינ-פויר'-נעל ריע'-דזשאנז) דער גהינם, די אונטערוועלט.

infer'rible *a.* (אינ-פויר'-איבל) ז. *inferable*.

infer'tile *a.* (אינ-פויר'-טיל) אונפרוכטבאר.

infertil'ity *n.* (אינ-פויר-טיל'-אי-טי) אונפרוכטבארקייט.

infest' *a.* (אינ-פעסט') 1. אנפאלען; 2. פלאגען, קוועלען.
1. The robbers **infest** the highway. 2. The house is **infested** with vermin.

infesta'tion *n.* (אינ-פעס-טיי'-שאן) בעאונרוהיגונג, קוועלונג.

infes'ter *n.* (אינ-פעס'-טער) דער אדער דאס וואס בעאונרוהיגט, דאקוטשעט, פלאגט אדער קוועלט.

infeuda'tion *n.* (אינ-פיו-דיי'-שאן) אין דער פעאדאלער געזעצגעבונג — דאס איבערגעבען א גוט פון דעם פריץ צו זיין וואסאל פאר געוויסע דיענסטע אדער בעלוינונג; דאס געבען מעשר צו א וועלטליכען [ניט צו קיין גייסטליכען].

infib'ulate *v.* (אינ-פיב'-יו-לייט) צוזאמענהעפטען; צונויפשנאלען, צונויפהעקלען, צונויפטשעפען.

infibula'tion *n.* (אינ-פיב-יו-ליי'-שאן) א צוזאמענהעפטונג, א צונויפשנאלונג, א צונויפהעקלונג; דאס ארויפלעגען א שלאס אדער רינג [כומז] אויף די געשלעכטליכע ארגאנען אום צו פערהיטען געשלעכטליכען פערקעהר.

in'fidel *a. and n.* (אינ'-פי-דעל) אונגלויביג; וואס גלויבט ניט אין קיין רעליגיאן און אין קיין רעליגיעזער הייליגקייט; אן אונגלויביגער.

infidel'ity *n.* (אינ-פי-דעל'-אי-טי) אונגלויביגקייט [וועגען רעליגיאן]; טריילאזיגקייט; אונטרייהייט [אין פערהייראטען לעבען].

in'field *n.* (אינ'-פיעלד) דער פיער=עקיגער פלאץ, געוועהנליך פון 30 יארד, אויף וועלכען עס ווערט געשפיעלט בייס=באל; א פעלד וואס איז בעארבייט און בעזייהט.

in fi'eri (אין פאי'-ע-ראי) אין ווערען, אין געשאפען ווערען [וועגען א פראצעס וואס געהט אן און איז נאך ניט פערענדיגט].

in'fill *v.* (אינ'-פיל) אנפילען, פול מאכען.

in'filling *n.* (אינ'-פיל-אינג) דאס מיט וואס מען פילט אן.

infilm' *v.* (אינ-פילם') בעדעקען מיט א הייטעל אדער דינעם שיכט.

infil'ter *v.* (אינ-פיל'-טער) אריינפילטרירען, אריינזייען.

infil'trate *v. and n.* (אינ-פיל'-טרייט) זיך דורכפילטרירען, אריינדרינגען ווי דורך א פילטער; דורכדרינגען; דאס וואס דרינגט אדער פילטרירט זיך דורך.

infiltra'tion *n.* (אינ-פיל-טריי'-שאן) דאס איינפילטרירען אדער איינדרינגען; דאס וואס פילטרירט זיך אדער דרינגט דורך ווי דורך א פילטער; א קראנקהאפטער צושטאנד פון וועלכען עס איז קערפער=טייל דורך אנזאמלען זיך אין איהם פרעמדע שטאפען, וועלכע דרינגען אין איהם אריין פון אויסען.

in fine (אין פאין) ענדליך, בקיצור.

infin'itant *a.* (אינ-פינ'-אי-טענט) וואס איז שייך צו א פערניינונגס=ווארט וואס ווערט פערבונדען מיט א געוויסען בעגריף, ווי למשל, דאס ווארט "ניט" אין דעם אויסדרוק ניט=עקזיסטירענד.

infin'itary *a.* (אינ-פינ'-אי-טע-רי) אונענדליך גרויס; וואס איז שייך צו אן אונענדליכער גרעסע.

infin'itate *v.* (אינ-פינ'-אי-טייט) פערוואנדלען אין אונענדליך; פערניינען א בעגריף [מאכען עס זאל זיין ניין] דורך דער צושטעלונג פון דעם ווארט "ניט" אדער "ניין" א. ד. ג.

in'finite *a. and n.* (אינ'-פי-ניט) אונענדליך; גרענצלאז, ענדלאז; אונענדליך גרויס [אזוי אז עס קען ניט געמאסטען ווערען]; דער אונענדליכער [וועגען גאט]; עטוואס וואס איז אונענדליך.

in'finitely *adv.* (אינ'-פי-ניט-לי) אויף אן אונענדליכען אופן; ענדלאז; אויף'ן העכסטען גראד; אונצעהלבאר; אונמעסטבאר.

in'finiteness *n.* (אינ'-פי-ניט-נעס) אונענדליכקייט.

infinites'imal *a. and n.* (אינ-פי-ני-טעס'-אי-מעל) אונענדליך קליין; אן אונענדליך קליינע גרעסע.

infinites'imally *adv.* (אינ-פי-ני-טעס'-אי-מעל-אי) אין אדער דורך אונענדליך קליינע גרעסען; דורך אן אונענדליך קליינער פערגרעסערונג.

infin'itival *a.* (אינ-פינ'-אי-טי-וועל) אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו דעם אינפיניטיוו. ז. *infinitive*.

infin'itive *a. and n.* (אינ-פינ'-אי-טיוו) אין גראמאטיק — אונבעשטימט, וואס בעצייכענט די אינפיניטיווע [אונבעשטימטע] פארם פון האנדלונגס=ווערטער [פעלים]; דער אינפיניטיוו, די אונבעשטימטע פארם פון האנדלונגס=ווערטער [די אנפאנגס=פארם פון האנדלונגס=ווערטער, וועלכע בעצייכענען נור די האנדלונג אהן בעצוג צו דער צייט, פערזאן און צאהל, ווי די ווערטער "געבען", "געהן", "שרייבען" א. ד. ג.].

infin'itively *adv.* (אינ-פינ'-אי-טיוו-לי) אין דער פארם פון אן אינפיניטיוו. ז. *infinitive*.

infin'itive mode (אינ-פינ'-אי-טיוו מאוד) די אינפיניטיווע [אונבעשטימטע] פארם פון האנדלונגס=ווערטער. ז. *infinitive*.

infin'itude *n.* (אינ-פינ'-אי-טיוד) אונענדליכקייט; אן אונצעהליגע גרויסע מענגע; אן אונענדליכע אויסברייטונג; אן אונענדליכער רוים.

infin'ity *n.* (אינ-פינ'-אי-טי) אונענדליכקייט; ענדלאזיגקייט; אונצעהלבארקייט; אונמעסטבארקייט.

infirm' *a.* (אינ-פוירם') ניט פעסט, שוואך; קרענקליך.

infir'mary *n.* (אינ-פויר'-מע-רי) א קראנקען=הויז, א שפיטאל.

infir'mity *n.* (אינ-פויר'-מי-טי) ניט=פעסטקייט; שוואכקייט; קרענקליכקייט.

infirm'ly *adv.* (אינ-פוירמ'-לי) ניט פעסט; שוואך; קרענקליך.

infirm'ness *n.* (אינ-פוירמ'-נעס) ז. *infirmity*.

infis'tulated *a.* (אינ-פיס'-טיו-ליי-טעד) פול מיט פיסטלען. ז. *fistula*.

infix' *v.* (אינ-פיקס') אריינשפארען, אריינדריקען; אריינשטעלען; איינפעסטיגען.

infix'ion *n.* (אינ-פיק'-שאן) דאס אריינשפארען, דאס אריינדריקען, דאס בעפעסטיגען.

inflame' *v.* (אינ-פליים') אנצינדען; אויפפלאמען; אויפרעגען; אויפרייצען די געפיהלען; זיך ענטצינדען.
Demagogues **inflame** the passions of the people.

inflamed' *a.* (אינ-פליימד') ענטצונדען; אויפגעפלאמט; אויפגערעגט.

infla'mer *n.* (אינ-פליי'-מער) אן אנצינדער; אן אויפהעצער; אן אויפרייצער.

inflammabil'ity *n.* (אינ-פלעמ-ע-ביל'-אי-טי) ענטצינדליכקייט; ענטצינדבארקייט; די פעהיגקייט זיך אנצוצינדען; די פעהיגקייט זיך שטארק אויפצורעגען.

inflam'mable *a.* (אינ-פלעמ'-עבל) ענטצינדליך; ענטצינדבאר; וואס ווערט לייכט אנגעצונדען; וואס רעגט זיך שטארק אויף.

inflam'mableness *n.* (אינ-פלעמ'-עבל-נעס) ז. *inflammability*

inflam'mably *adv.* (אינ-פלעמ'-ע-בלי) ענטצינדליך; עטצינדבאר; ווערענדיג גרינג אויפגערעגט.

inflamma'tion *n.* (אינ-פלע-מיי'-שאן) אן ענטצינדונג; דאס אנצינדען; א בראנד, א פלאקער; א פלאמענדע אויפרעגונג.

inflam'mative *a.* (אינ-פלעמ'-ע-טיוו) ז. *inflammatory*

inflam'matory *a.* (אינ-פלעמ'-ע-טא-רי) ענטצינדענד; שטארק אויפרעגענד; אויפריהרענד, אויפרייצענד.

inflam'matory fe'ver (אינ-פלעמ'-ע-טא-רי פי'-ווער) א פיבער וואס רופט ארוים ענטצינדונג.

infla'table *a.* (אינ-פליי'-טעבל) וואס קען אויפגעבלאזען ווערען.

inflate' *v. and a.* (אינ-פלייט') אויפבלאזען; זיך אויפבלאזען; אויפשווענלען; אויפגעבלאזען, אויפגעשוואלען.

infla'ted *a.* (אינ-פליי'-טעד) 1. אויפגעבלאזען; אויפגעשוואלען; 2. באמבאסטיש [אין ריידען אדער שרייבען].

1. The tires of the automobile are **inflated**.
2. His writings exhibit an **inflated** style.

infla'ted val'ues (אינ-פליי'-טעד וועל'-יוז) אויפגעבלאזענע פרייזען.

infla'ter *n.* (אינ-פליי'-טער) אן אויפבלאזער; איינער וואס בלאזט אויף די פרייזען.

infla'tingly *adv.* (אינ-פליי'-טינג-לי) אויפבלאזענדיג.

infla'tion *n.* (אינ-פליי'-שאן) דאס אויפבלאזען; די אויפבלאזונג פון פרייזען; אויפגעבלאזענקייט; דאס זיין אויפגעבלאזען.

infla'tionist *n.* (אינ-פליי'-שאנ-איסט) אן אויפבלאזער; אן אנהענגער פון דער טעאריע, אז עס זאל זיין א גרויסע צירקולאציאן פון פאפיער-געלד אין לאנד, כדי לאנד-פראדוקטען זאלען ווערען טייערער.

infla'tor *n.* (אינ-פליי'-טאר) ז. *inflater*

infla'tus *n.* (אינ-פליי'-טאס) אן ארייגבלאזונג; אינספיראציאן, השפעה, בעאיינפלוסונג.

inflect' *v.* (אינ-פלעקט') בויגען; אין גראמאטיק — ענדערען די פארם פון די ווערטער [דעקלינירען אדער קאניוגירען]; מאדולירען [בויגען, ענדערען] די שטימע; בעקומען אן אנדער פארם דורך גראמאטיקאלישע ענדערונגען.

inflec'ted *a.* (אינ-פלעק'-טעד) געבויגען; אבגעבויגען פון דער גראדער ריכטונג; אין גראמאטיק — געענדערט די פארם פון ווארט.

inflec'tion *n.* (אינ-פלעק'-שאן) בויגונג; מאדולירונג [ענדערונג] פון דער שטימע; אין גראמאטיק — די ענדערונג פון די ווערטער [דורך דעקלינירען אדער קאניוגירען]; די ענדערונג פון א ליכטשטראהל ווען ער געהט דורך אן אונדורכזיכטיגען קערפער.

inflec'tional *a.* (אינ-פלעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בויגונג; וואס איז שייך צו א מאדולירונג [א וועקסלונג אדער ענדערונג] פון דער שטימע; וואס אנבעלאנגט צו א גראמאטיקאלישער ענדערונג פון ווערטער.

inflec'tive *a.* (אינ-פלעק'-טיוו) בויגזאם, וואס האט די פעהיגקייט זיך צו בויגען; וואס קען גראמאטיקאליש געבויגען ווערען [קאניוגירט אדער דעקלינירט ווערען].

inflex' *v.* (אינ-פלעקס') בויגען, אויסבויגען.

inflexed' *a.* (אינ-פלעקסט') געבויגען, אויסגעבויגען.

inflexibil'ity *n.* (אינ-פלעק-סי-ביל'-אי-טי) אונבויגזאמקייט; שטייפקייט; הארטנעקיגקייט; אונפערענדערליכקייט.

inflex'ible *a.* (אינ-פלעק'-סיבל) אונבויגזאם; הארטנעקיג; שטייף; פער'עקשן'ט; אונפערענדערליך.

inflex'ibleness *n.* (אינ-פלעק'-סיבל-נעס) ז. *inflexibility*

inflex'ibly *adv.* (אינ-פלעק'-סי-בלי) אויף אן אונבויגזאמען אופן; שטייף, פער'עקשן'ט.

inflex'ion *n.* (אינ-פלעק'-שאן) ז. *inflection*

inflex'ure *n.* (אינ-פלעק'-שור) א בויגונג; א פאלד.

inflict' *v.* (אינ-פליקט') ארויפלעגען [א שטראף], פעראורזאכען [וועהטאג אדער ליידען]; ארויפצווינגען, ארויפדרינגען.

inflic'ter *n.* (אינ-פליק'-טער) איינער וואס לעגט ארויף [א שטראף], איינער וואס פעראורזאכט [ליידען, וועהטאג א. ד. ג.], איינער וואס צווינגט עפעס ארויף אדער דרינגט ארויף.

inflic'tion *n.* (אינ-פליק'-שאן) דאס ארויפלעגען [א שטראף]; דאס פעראורזאכען [ליידען אדער וועהטאג]; שטראף; ליידען.

inflic'tive *a.* (אינ-פליק'-טיוו) ארויפלעגענד [א שטראף], פעראורזאכענדיג [וועהטאג אדער ליידען].

inflores'cence *n.* (אינ-פלא-רעס'-ענס) דאס צובליהען זיך, דאס קוויטלען זיך [פון בלומען]; די איינארדנונג פון בליטהען.

inflores'cent *a.* (אינ-פלא-רעס'-ענט) זיך צובליהענד, זיך קוויטלענד; וואס איז שייך צו בליהונג.

in'flow *n.* (אינ'-פלאו) ארייגפליסונג; עטוואס וואס פליסט אריין.

inflowed' *a.* (אינ-פלאוד') ארייגגעפלאסען.

in'fluence *n. and v.* (אינ'-פלו-ענס) איינפלוס, ווירקונג; אין אסטראלאגיע — די ווירקונג פון די שטערען אויף דעם מזל פון מענשען; אין עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם — אינדוקציאן [ז. *induction*]; בעאיינפלוסען, האבען א ווירקונג.

in'fluencer *n.* (אינ'-פלו-ענ-סער) איינער אדער עטוואס וואס האט אן איינפלוס אדער א ווירקונג.

in'fluent *a. and n.* (אינ'-פלו-ענט) ארייגפליסענד; בעצייכנענד דעם טייל [פון א רעהר, למשל], דורך וועלכען לופט שטראמט אריין; א נעבענפלוס, א צופלוס [א טייך וואס פאלט אריין אין א צווייטען טייך].

influen'tial *a.* (אינ-פלו-ענ'-שעל) וואס האט איינפלוס, וואס האט א ווירקונג, איינפלוסרייך.

He was the most **influential** man in the town.

influen'tially *adv.* (אינ-פלו-ענ'-שעל-אי) מיט איינפלוס, איינפלוסרייך, דורך ווירקונג.

influen'za *n.* (אינ-פלו-ענ'-זא) אינפלוענצא, גריפ.

in'flux *n.* (אינ'-פלאקס) דאס ארייגפליסען; דער פלאץ וואו א טייך פאלט אריין אין א צווייטען טייך אדער אין ים.

influx'ible *a.* (אינ-פלאק'-סיבל) וואס איז ניט אונטערווארפען צו שטענדיגע אדער אנהאלטענדע ענדערונגען.

influx'ion *n.* (אינ-פלאק'-שאן) דאס ארייגפליסען; עטוואס וואס פליסט אריין.

infold' *v.* (אינ-פאולד') איינוויקלען; איינשליסען; אומפאסען; ארומנעהמען, אומארמען.

info'liate *v.* (אינ-פאו'-לי-אייט) בעדעקען אדער פערשפרייטען מיט בלעטער.

in fo'lio (אין פאו'-ליאו) אין פאליא, אין האלב-בויגענדיגען פארמאט [ווענען א בוך].

in for it (אין פאר איט) 1. ארייגגעקראכען אין א בלאטע, אין א פערלעגענהייט; 2. מעוברת.

1. Mary was **in for it** when she broke her father's pipe.

inform' *v.* (אינ-פארם') מעלדען, בענאכריכטיגען, בעריכטען, דערצעהלען, מסר'ען; אונטעררריכטען, לערנען; בעלעבען; צוגעבען א פארם.

infor'mal *a.* (אינ-פאר'-מעל) ניט פארמעל, וואס איז ניט לויט די אנגענומענע פארמען, אונרעגעלמעסיג, ניט רעגולאר, ניט אפיציעל, אהן צערעמאניעס.

informal'ity *n.* (אינ-פאר-מעל'-אי-טי) אינפארמאליטעט, אונרעגעלמעסיגקייט; דאס זיין ניט לויט די אנגענומענע פארמען, כללים אדער מנהגים; דאס זיין ניט אפיציעל; דאס ניט צערעמאניען זיך.

infor'mally *adv.* (אינ-פאר'-מעל-אי) אין א ניט געהעריגער פארם, אויף אן אונרעגעלמעסיגען שטייגער, ניט לויט די אנגענומענע כללים אדער מנהגים, אהן צערעמאניעס; ניט אפיציעל.

infor'mant *n. and a.* (אינ-פאר'-מענט) א בענאכריכטיגער [איינער וואס איז מודיע]; א מוסר, א דאנאשטשיק; פארמירענדיג, צוגעבענדיג א פארם, בעלעבענד.

informa'tion *n.* (אינ-פאר-מיי'-שאן) א נאכריכט, א ידיעה; בעלעהרונג, וויסען; א מסירה; אן אנקלאגע געמאכט ניט פון אן אנקלאגע-געריכט, נאר פון דעם פראקוראר אליין; אן אנקלאגע אונטער א שבועה פאר א פרידענס-ריכטער; אן אנקלאגע פאר ניט צאהלען א געזעצליכע שטראף; אין ענגלאנד — א קלאגע פון שטאאט געגען א פערזאן פאר שעדיגען שטאאטס-אייגענטום.

infor'mative *a.* (אינ-פאר'-מע-טיוו) פארמירענד, צוגעבענדיג א פארם; בעלעבענד; בעלעהרענד.

infor'matory *a.* (אינ-פאר'-מע-טא-רי) בעלעהרענד; וואס גיט נאכריכטען, בעקאנט מאכענד.

infor'mer *n.* (אינ-פאר'-מער) איינער וואס בענאכריכטיגט; א מוסר, א דאנאשטשיק; איינער וואס מאכט מיט עפעס בעקאנט; איינער וואס פארמירט אדער בעלעבט.

infor'midable *a.* (אינ-פאר'-מי-דעבל) ניט פורכטבאר.

infract' *v.* (אינ-פרעקט') אבברעכען; אונטערברעכען; פערלעצען; איבערטרעטען [א געזעץ, אן אבמאך א. ד. ג.].

infrac'ted *a.* (אינ-פרעק'-טעד) שארף איינגעבויגען ווי עס וואלט געוועזען איינגעבראכען [ווענען געוויסע גליעדער ביי חיות].

infrac'tible *a.* (אינ-פרעק'-טיבל) וואס קען זיך ברעכען.

infrac'tion *n.* (אינ-פרעק'-שאן) דער

ברוך; פערלעצונג אדער איבערטרעטונג [פון א געזעץ, אבמאך א. ד. ג.].
The child was punished by the teacher for an infraction of the rules.

infrac'tor *n.* (אינ-פרעק'-טאר) אן איבערטרעטער, א פערלעצער [פון א געזעץ, אבמאך א. ד. ג.]

infrahu'man *a.* (אינ-פרא-היו'-מען) נידריגער ווי א מענש, וואס האט נידריגערע אייגענשאפטען ווי די מענשליכע.

infralapsa'rian *a.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו אינפראלאפסאריאניזם. ז. *infralapsarianism*

Infralapsa'rian *n.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען) אן אנהענגער פון אינפראלאפסאריאניזם. ז. *infralapsarianism*

infralapsa'rianism *n.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען-איזם) אינפראלאפסאריאניזם [די קאלוויניסטישע לעהרע, דאס ערשט נאך דעם זינד־פאל פון אדם הראשון'ען האט גאט פארויסבעשטימט ווער עס וועט זוכה זיין דעם גן־עדן און ווער עס וועט פעראורטיילט ווערען צו אייביגען גיהנם].

inframam'mary *a.* (אינ-פרא-מעמ'-ע-רי) וואס ליעגט אונטער דער ברוסט.

inframax'illary *a. and n.* (אינ-פרא-מעק'-סי-לע-רי) וואס איז שייך צום אונטערשטען קינבאק־ביין; וואס געפינט זיך אונטער דעם אונטערשטען קינבאק־ביין; דער אונטערשטער קינבאק־ביין.

inframun'dane *a.* (אינ-פרא-מאנ'-דיין) אונטערוועלטליך.

infranat'ural *a.* (אינ-פרא-נעטש'-או-רעל) אונטער־נאטירליך, וואס איז נאך נידריגער ווי דער חומר.

infrangibil'ity *n.* (אינ-פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) אונצוברעכליכקייט, אונצוטיילבארקייט; דאס ניט קענען איבערגעטראטען ווערען.

infran'gible *a.* (אינ-פרענ'-דזשיבל) אונצוברעכליך, אונצוטיילבאר, וואס מען קען ניט צוברעכען; וואס מען קען ניט איבערטרעטען אדער עובר זיין.

infran'gibleness *n.* (אינ-פרענ'-דזשיבל-נעס) ז. *infrangibility*

in'fra-obli'quus *n.* (אינ'-פרא-אב-לאי'-קהוואס) דער אונטערשטער מוסקעל פון דעם אויג, מיט דער הילף פון וועלכען דאס אויג בעוועגט זיך ארויף און ארויסצו.

in'fra-oc'ular *a.* (אינ'-פרא-אק'-יו-לאר) וואס ליעגט אונטער'ן אויג [וועגען די פיהל־הערענדלעך ביי אינזעקטען].

in'fra-or'bital *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טעל) וואס ליעגט אונטער דעם ארביט אדער קרייז פון אויג [וועגען א געוויסען נערוו].

in'fra-or'bitar *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טאר) ז. *infra-orbital*

in'fra-or'bitary *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טע-רי) ז. *infra-orbital*

infrapose' *v.* (אינ-פרא-פאוז') אוועקלעגען אדער אוועקשטעלען אונטען.

infraposi'tion *n.* (אינ-פרא-פא-זיש'-אן) דאס געפינען זיך אונטען.

infre'quence *n.* (אינ-פרי'-קהווענס) ז. *infrequency*

infre'quency *n.* (אינ-פרי'-קהוועג-סי) זעלטענהייט, אונגעוועהנליכקייט, דאס זיין ניט אפט.

infre'quent *a.* (אינ-פרי'-קהווענט) אונגעוועהנליך, זעלטען; וואס פאסירט ניט אפט.
His visits at our house are infrequent.

infre'quently *adv.* (אינ-פרי'-קהווענט-לי) זעלטען, ניט אפט, אונגעוועהנליך.

infric'tion *n.* (אינ-פריק'-שאן) איינרייבונג.

infrig'idate *v.* (אינ-פרידזש'-אי-דייט) קאלט מאכען.

infrigida'tion *n.* (אינ-פרידזש-אי-דיי'-שאן) דאס קאלט מאכען.

infringe' *v.* (אינ-פרינדזש') ברעכען, איבערטרעטען, עובר זיין; פערלעצען [ווי אימיצענס רעכטען].

infringe'ment *n.* (אינ-פרינדזש'-מענט) די ברעכונג, די איבערטרעטונג [פון א געזעץ]; די פערלעצונג [פון אימיצענס רעכטען].

infrin'ger *n.* (אינ-פרינג'-דזשער) איינער וואס טרעט איבער אדער איז עובר אויף עפעס; איינער וואס פערלעצט [אימיצענס רעכט].

infruc'tuose *a.* (אינ-פראק'-טשו-אוס) ז. *infructuous*

infruc'tuous *a.* (אינ-פראק'-טשו-אס) אונפרוכטבאר; ניט פראדוקטיוו; וואס טראגט ניט איין קיין פראפיט.

infruc'tuously *adv.* (אינ-פראק'-טשו-אס-לי) אויף אן אונפרוכטבארען אדער אונפראדוקטיווען אופן; נוצלאז.

infru'gal *a.* (אינ-פרו'-געל) ניט שפארזאם, פערשווענדעריש, אויסברייגגעריש.

in full ac'tion (אין פול עק'-שאן) אין פולען גאנג, אין פולען בעטריעב.

in'fumate *v. and a.* (אינ'-פיו-מייט) דורכרויכערען, אויסטריקענען מיט רויך; בעדעקט אדער פערצויגען ווי מיט א רויך.

infuma'tion *n.* (אינ-פיו-מיי'-שאן) דאס דורכרויכערען; דאס טריקענען אין רויך.

infund' *v.* (אינ-פאנד') אריינגיסען, אריינשיטען.

infundib'ular *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לאר) ז. *infundibuliform*

infundib'ulate *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לייט) ז. *infundibuliform*

infundib'uliform *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א לייקע.

infundib'ulum *n.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לאם) א גליעד אדער ארגאן וואס האט די פארם פון א לייקע.

in funds (אין פאנדז) ביי געלד.
The city is not in funds this year to build the bridge.

infurca'tion *n.* (אינ-פויר-קיי'-שאן) די אויסשפרייטונג ווי א גאפעל.

infu'riate *v. and a.* (אינ-פיו'-רי-אייט) מאכען וויטהענד; אריינברייגגען אין גרויס צארן; וויטהענד, זעהר צארנדיג.

infu'riated *a.* (אינ-פיו'-רי-איי-טעד) שטארק צארנדיג; וויטהענד.

infus'cate *v. and a.* (אינ-פאס'-קייט) שווארץ אדער דונקעל מאכען; בעצויגען ווי מיט א דונקעלען וואלקען.

infusca'tion *n.* (אינ-פאס-קיי'-שאן) דאס מאכען שווארץ אדער דונקעל; דאס זיין דונקעל.

infuse' *v.* (אינ-פיוז') אריינגיסען; איינפליסען אדער אריינגעבען [געדאנקען, מוטה, א. ד. ג.]; איינטונקען; איינווייקען; אויפגיסען [ווי מען טהוט עס אויף פרוכטען ארויסצובעקומען פון זיי זייער עקסטראקט]; דורכנעצען, דורכווייקען.

infu'ser *n.* (אינ-פיו'-זער) איינער אדער עפעס וואס פליסט איין.

infusibil'ity *n.* (אינ-פיו-זי-ביל'-אי-טי) אונשמעלצבארקייט; דאס קענען אריינגעגאסען ווערען.

infu'sible *a.* (אינ-פיו'-זיבל) אונשמעלצבאר; וואס קען אריינגעגאסען ווערען.

infu'sibleness *n.* (אינ-פיו'-זיבל-נעס) ז. *infusibility*

infu'sion *n.* (אינ-פיו'-זשאן) דאס אריינגיסען; דאס אויפגיסען; דער אויפגוס; די איינפליסונג אדער די אריינגעבונג [פון געדאנקען, מוטה א. ד. ג.]; דאס איינווייקען פלאנצען, פרוכטען א. ד. ג. אין א פליסיגקייט אום ארויסצובעקומען פון זיי דעם עקסטראקט; א פליסיגקייט מיט וועלכער עס איז ארויסגעצויגען געווארען דער עקסטראקט פון פלאנצען אדער פרוכטען.

infu'sive *a.* (אינ-פיו'-סיוו) וואס פליסט איין, וואס האט איינפלוס־קראפט; וואס קען איינגעווייקט ווערען.

Infuso'ria *n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-א) די אינפוזאריען [קליינינקע מיקראסקאפישע בעשעפענישען אדער ארגאניזמען וועלכע געפינען זיך אין פוילענדע ארגאנישע שטאפען אדער אין וואסער].

Infusoria

infuso'rial *a.* (אינ-פיו-סאו'-רי-על) וואס ענטהאלט אינפוזאריען; וואס האט דעם כאראקטער פון אינפוזאריען. ז. *Infusoria*

infuso'rial earth (אינ-פיו-סאו'-רי-על אוירטה) אזא פיינע זארט ווייסליכע ערד, עהנליך צו מאגנעזיע, וואס בעשטעהט הויפטזעכליך פון זעהר קליינע פלאנצען־ארגאניזמען.

infuso'rian *a. and n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-ען) וואס ענטהאלט אינפוזאריען, עהנליך צו אינפוזאריען; אן אינפוזאריע.

infuso'riform *a.* (אינ-פיו-סאו'-רי-פארם) וואס האט די פארם פון אן אינפוזאריע. ז. *Infusoria*

infuso'rium *n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-אם) אן אינפוזאריע. ז. *Infusoria*

infu'sory *a. and n.* (אינ-פיו'-סא-רי) ז. *infusorian*

in futu'ro (אין פיו-טיו'-ראו) אין דער צוקונפט.

ingath'er *v.* (אינ-געטה'-ער) איינזאמלען; צונויפזאמלען.

ingath'erer *n.* (אינ-געטה'-ע-רער) א שניטער; איינער וואס נעהמט צוזאמען די תבואה פון פעלד.

in'gathering *n.* (אינ'-געטה-ער-אינג) צונויפזאמלונג; דאס צונויפנעהמען די תבואה פון פעלד.

ingel'able *a.* (אינ-דזשעל'-עבל) וואס מען קען ניט מאכען איינפריערען אדער פערגליווערען.

ingem'inate *v. and a.* (אינ-דזשעמ'-

אי-נייט) ווידערהאלען, איבער'חזר'ן; ווי־דערהאלט, איבער'גע'חזר'ט.

ingemina'tion *n.* (אינ-דזשעמ-אי-ניי'-שאן) ווידערהאלונג; דאס איבער־חזר'ן.

ingene' *n.* (אינ-דזשיען') גייסט, געניא־ליטעט, פערשטאנד, זינרייכקייט.

ingen'erable *a.* (אינ-דזשענ'-ע-רעבל) וואס קען ניט פראדוצירט, ערצייגט אדער ארויסגעבראכט ווערען.

ingen'erate *v. and a.* (אינ-דזשענ'-ע-רייט) ערצייגען, פראדוצירען, ארויס־ברייננגען; ניט ערציינט, ניט פראדוצירט אדער ניט געבראכט אין עקזיסטענץ; איינגעבארען.

ingenera'tion *n.* (אינ-דזשענ-ע-ריי'-שאן) דאס ערצייגען, דאס פראדוצירען, דאס ארויסברייננגען.

inge'nious *a.* (אינ-דזשי'-ניאס) געני־אל, זינרייך, שארפזיניג; גייסטרייך.

inge'niously *adv.* (אינ-דזשי'-ניאס-לי) אויף א געניאלען אדער גייסטרייכען אופן; מיט שארפזין; זינרייך.

inge'niousness *n.* (אינ-דזשי'-ניאס-נעס) געניאליטעט; שארפזיניגקייט; דאס זיין זינרייך אדער גייסטרייך.

ingen'ital *a.* (אינ-דזשענ'-אי-טעל) נא־טירליך, איינגעבארען.

ingénue' *n.* (אינ-זשיי-ניע') אז אויפ־ריכטיגע, אפענהערציגע אדער נאאיווע פרוי אדער מיידעל; אן אקטריסע וועלכע שפיעלט די ראלע פון אן אויפריכטיגער, אפענהערציגער אדער נאאיווער פרוי אדער מיידעל.

ingenu'ity *n.* (אינ-דזשי-ניו'-אי-טי) געניאליטעט; דאס זיין שארפזיניג, ער־פינדעריש, גייסטרייך אדער זינרייך.

ingen'uous *a.* (אינ-דזשענ'-יו-אס) פריימיטיג; אויפריכטיג, אפענהערציג; ערעל, ערהאבען, נאבעל.

ingen'uously *adv.* (אינ-דזשענ'-יו-אס-לי) אויף אן אפענהערציגען אדער אויפריכטיגען שטייגער; פריימיטיג.

ingen'uousness *n.* (אינ-דזשענ'-יו-אס-נעס) פריימיטיגקייט, אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט; נאאיוויטעט.

inger'minate *v.* (אינ-דזשויר'-מי-נייט) ברייננגען צום אויסשפראצען.

ingest' *v.* (אינ-דזשעסט') אריינברייננגען אדער אריינפיהרען [אין מאגען].

inges'ta *n.* (אינ-דזשעס'-טא) שטאפען וואס ווערען אריינגעבראכט אין שפייז־קאנאל; א זאך וואס ווערט אריינגענומען אין געדראנקען.

inges'tion *n.* (אינ-דזשעס'-טשאן) דאס אריינברייננגען, דאס אריינפיהרען [אין מאגען].

inglo'bate *a.* (אינ-גלאו'-בייט) וואס איז צונויפגעקייקעלט ווי א קנויל, וואס איז געפארמט ווי א קוגעל אדער באל.

inglobe' *v.* (אינ-גלאוב') אויסמאכען ווי א קנויל אדער ווי א באל.

inglo'rious *a.* (אינ-גלאו'-רי-אס) אונ־בעריהמט, אונבעקאנט; שאנדהאפט.

inglo'riously *adv.* (אינ-גלאו'-רי-אס-לי) אהן בעריהמטקייט, ניט בעקאנט; אויף א שענדליכען אופן.

inglo'riousness *n.* (אינ-גלאו'-רי-אס-נעס) אונבעריהמטקייט, דאס זיין אונבע־קאנט, שאנדהאפטיגקייט.

inglu'vial *a.* (אינ-גלוה'-ווי-על) וואס איז שייך צום פאדער־מאגען אדער קראפ [וואליע].

inglu'vies *n.* (אינ-גלוה'-ווי-איז) דער פאדער־מאגען, קראפ, וואליע.

inglu'vin *n.* (אינ-גלוה'-ווין) א מיטעל געגען ברעכען [געמאכט פון דעם מאגען פון עופות].

in'going *a. and n.* (אינ'-גאו-אינג) וואס קומט אריין; אריינקומענדיג; דאס אריינקומען; אריינגאנג.

in good shape (אין גוד שייפ) אין גוטען צושטאנד; אין גוטען געזונד־צו־שטאנד.

in'got *n.* (אינ'-גאט) א גוס־פורעם [פאר מעטאלען]; א שטיק מעטאל אבגעגאסען אין א גוס־פורעם.

in'got-i'ron *n.* (אינ'-גאט-אי'-ערן) פלוס־אייזען אדער פלוס־שטאהל [א גע־וויסער זארט שטארקער אייזען פון וועל־כען עס ווערען הויפטזעכליך געמאכט איי־זענבאהן־רעלסען].

in'got-mold *n.* (אינ'-גאט-מאולד) א גוס־פורעם [פאר מעטאלען].

in'got-steel *n.* (אינ'-גאט-סטיעל) ז. *ingot-iron*.

ingraft' *v.* (אינ-גרעפט') אריינזעצען, איינפלאנצען [ווי א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען]; איינוווארצלען.

ingraf'ted *a.* (אינ-גרעפ'-טעד) אריינ־געזעצט [ווי א צווייג פון איין בוים אין א צווייטען]; איינגעוווארצעלט; טיעף [ווערען א געפיהל].

ingraf'ter *n.* (אינ-גרעפ'-טער) איינער וואס זעצט אריין צווייגען פון איין בוים אין אן אנדערען; איינער וואס פלאנצט איין אדער ווארצעלט איין.

ingraft'ment *n.* (אינ-גרעפט'-מענט) דאס אריינזעצען א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען; דאס אריינגעזעצטע צווייגעל; איינפלאנצונג, איינוווארצלונג.

in'grain *a. and n.* (אינ'-גריין) גע־פארבט נאך אלס רויהער מאטעריאל [ווע־גען געוועבטע שטאפען]; וואס איז שייך צום רויהען מאטעריאל [פון געוועבטע שטאפען]; א געוועבטער שטאף געמאכט פון רויהען מאטעריאל וואס איז געפארבט מיט שארפע דויערענדע פארבען.

ingrain' *v.* (אינ-גריין') פארבען מיט א געוויסער דויערענדער טיעפער רויטער פארב; פארבען מיט א דויערנדער טיע־פער פארב; פארבען די וואל אדער אנדער מאטעריאל רויהערהייד פאר'ן פאבריצי־רען; דורכנעהמען דורך און דורך; פעסט איינוווארצלען.

in'grain col'oring (אינ'-גריין קאל'-אר-אינג) דאס פארבען רויהע וואל אדער בכלל רויהע וועב־שטאפען.

in'gram ap'ple (אינ'-גרעם עפל) אזא מין רויטער עפעל.

in'grate *a. and n.* (אינ'-גרייט) אונ־דאנקבאר; אן אונדאנקבארער מענש.

ingra'tiate *v.* (אינ-גריי'-שי-אייט) בע־ליעבט מאכען; געפעגען חן אדער לייט־זעליגקייט; זיך צו'חנפ'ענען.

He tried to ingratiate himself with the mother before proposing to the daughter.

ingratia'tion *n.* (אינ-גריי-שי-איי'-שאן) דאס צו'חנפ'ענען זיך; דאס בעליעבט מאכען, דאס געפינען חן אדער לייטזע־ליגקייט.

ingra'tiatory *a.* (אינ-גריי'-שי-ע-טא-רי) וואס העלפט בעליעבט צו מאכען אדער געפינען לייטזעליגקייט.

ingrat'itude *n.* (אינ-גרעט'-אי-טיוד) אונדאנקבארקייט.

ingraves'cence *n.* (אינ-גרע-ווע'-סענס) פערשטארקונג, פערערגערונג [פון א קראנקהייט].

ingraves'cent *a.* (אינ-גרע-ווע'-סענט) זיך פערשטארקענד, זיך פערערגערענד [ווענען א קראנקהייט].

ingre'dient *n.* (אינ-גריע'-די-ענט) א בעשטאנדטייל; א ביימישונג.

ingress' *v.* (אינ-גרעס') אריינגעהען.

in'gress *n.* (אינ'-גרעס) איינגאנג, אריינ־טריט.

ingres'sion *n.* (אינ-גרעש'-אן) דאס אריינגעהען.

ingres'sive *a.* (אינ-גרעס'-איוו) אריינ־קומענד, וואס איז ביים אריינגאנג אדער ביים אנהויב.

in'growing *a.* (אינ'-גראו-אינג) וואס וואקסט אריין אין פלייש [ווי למשל א נאגעל].

in'grown *a.* (אינ'-גראון) אריינגעוואק־סען אין פלייש [ווי א נאגעל, למשל]; פערוואנדט, אינערליך פערבונדען, נאטיר־ליך, איינגעבארען.

in'growth *n.* (אינ'-גראוטה) אריינ־וואקסונג.

in'guinal *a.* (אינ'-גוואי-נעל) וואס איז שייך צו דעם קנייטש צווישען דעם אוי־בערשטען טייל פון דער פאלקע [שענ־קעל] וואס קומט זיך צונויף מיט דעם בויך. ז. *groin*.

ingulf' *v.* (אינ-גאלף') ווארפען אין אב־גרונד; פערשלינגען [ווי אן אבגרונד]. ז. *engulf*.

ingulf'ment *n.* (אינ-גאלפ'-מענט) ז. *engulfment*.

ingur'gitate *v.* (אינ-גויר'-דזשי-טייט) שלינגען מיט זשעדנעקייט; טרינקען פיעל, זויפען; אראבשטירצען [ווי אין אן אב־גרונד].

ingurgita'tion *n.* (אינ-גויר-דזשי-טיי'-שאן) דאס טרינקען מיט זשעדנע־קייט; דאס זויפען; דאס וואס עס ווערט ארונטערגעשלונגען מיט זשעדנעקייט אדער וואס ווערט געזויפט.

ingus'table *a.* (אינ-גאס'-טעבל) גע־שמאקלאז; וואס קען ניט פערזוכט ווערען צוליעב געשמאקלאזיגקייט.

inhab'it *v.* (אינ-העב'-איט) וואהנען; בעוואהנען.

inhab'itable *a.* (אינ-העב'-אי-טעבל) וואס קען בעוואהנט ווערען; וואס פאסט צום בעוואהנען.

inhab'itance *n.* (אינ-העב'-אי-טענס) א וואהנונג; א וואהנ־ארט, אן אויפהאל־טונגס־ארט.

inhab'itancy *n.* (אינ-העב'-אי-טענ-סי) ז. *inhabitance*.

inhab'itant *n.* (אינ-העב'-אי-טענט) א בעוואהנער, אן איינוואהנער.

inhabita'tion *n.* (אינ-העב-אי-טיי'-שאן) דאס בעוואהנען; דאס זיין בע־וואהנט.

inhab'itative *a.* (אינ-העב'-אי-טע-טיוו) בעוואהנענד.

inhab'itativeness *n.* (אינ-העב'-אי-טע-טיוו-נעס) ז. *inhabitiveness*.

inhab'ited *a.* (אינ-העב'-אי-טעד) בע־וואהנט; בעזעצט.

America was inhabited by Indians before its discovery by Columbus.

inhab'itedness *n.* (אינ-העב'-אי-טעד-נעס) דאס זיין בעוואהנט אדער בעזעצט.

inhab'itiveness *n.* (אינ-העב'-איט-איוו-נעס) די נייגונג צו פערבלייבען וואה־נען אויף איין ארט; די צוגעבונדענקייט אדער ליעבע צום וואהנונגס־ארט.

inha'lant *a.* (אינ-היי'-לענט) וואס אטהעמט איין; וואס ציהט אריין אין זיך.

inhala'tion *n.* (אינ-הע-ליי'-שאן) דאס

איינאטהעמען; דאס וואס ווערט איינגעאטהעמט [אלס מעדיצינישער מיטעל, ווי דאמפף, כלאראפארם א. ד. ג.].

inhale' *v.* (אינ-הייל') איינאטהעמען; אריינציהען אין זיך.

inha'lent *a.* (אינ-היי'-לענט) ז. *inhalant*

inha'ler *n.* (אינ-היי'-לער) איינער וואס אטהעמט איין; אן אפאראט צום איינאטהעמען [ווי כלאראפארם, דאמפף א. ד. ג.].

Inhaler

inharmon'ic *a.* (אינ-האר-מאנ'-איק) אונהארמאניש; ניט אין איינקלאנג; אונאייניג; ניט צוזאמענפאסענד.

inharmon'ical *a.* (אינ-האר-מאנ'-אי-קעל) ז. *inharmonic*

inharmon'ically *adv.* (אינ-האר-מאנ'-אי-קעל-אי) אויף אן אונהארמאנישען, ניט צוזאמענפאסענדען אדער אונאייניגען אופן.

inharmo'nious *a.* (אינ-האר-מאו'-ני-אס) ז. *inharmonic*

inharmo'niously *adv.* (אינ-האר-מאו'-ני-אס-לי) ז. *inharmonically*

inharmo'niousness *n.* (אינ-האר-מאו'-ני-אס-נעס) דיסהארמאניע, אונהארמאנישקייט, ניט=צוזאמענגעפאסטקייט, אונאייניגקייט.

inhaust' *v.* (אינ-האהסט') אריינציהען, אריינשלינגען, אריינטרינקען.

inhearse' *v.* (אינ-הוירס') אריינלעגען אין א טרונע.

inhere' *v.* (אינ-היער') זיין אין צוזאמענהאנג, זיין א טייל פון עפעס, זיין איינגענטימליך; ליעגען אין דעם עצם, אין דער נאטור פון א זאך, זיין איינגעבארען אדער כאראקטעריסטיש; זיין אונצושיידבאר [פון עפעס].

inher'ence *n.* (אינ-היער'-ענס) אינהערענץ, דאס ליעגען אין דער נאטור פון א זאך; צוזאמענהאנג, אנהעפטונג; דאס כאראקטעריסטישע, איינגענטימליכע אדער איינגעבארענע; אונצושיידבארקייט.

inher'ency *n.* (אינ-היער'-ענ-סי) ז. *inherence*

inher'ent *a.* (אינ-היער'-ענט) אינהערענט, צוזאמענהענגענד; כאראקטעריסטיש, איינגענטימליך, איינגעבארען; אונצושיידבאר.

inheren'tial *a.* (אינ-היע-רענ'-שעל) ז. *inherent*

inher'ently *adv.* (אינ-היער'-ענט-לי) אין עצם, איינגעבארען; אזוי, אז עס קען ניט צושיידט ווערען.

inher'it *v.* (אינ-הער'-איט) ירש'נען; בעקומען.

inheritabil'ity *n.* (אינ-הער-אי-טע-ביל'-אי-טי) ערבליכקייט; דאס קענען איבערגעהן בירושה.

inher'itable *a.* (אינ-הער'-אי-טעבל) ערבליך; וואס מען קען קריגען אלס ירושה; וואס מען קען ירש'נען; וואס איז בערעכטיגט אדער פעהיג צו ירש'נען.

inher'itably *adv.* (אינ-הער'-אי-טע-בלי) בירושה; אזוי אז עס זאל קענען איבערגעהן בירושה.

inher'itance *n.* (אינ-הער'-אי-טענס) דאס ירש'נען; אן ערבשאפט, א ירושה; א נאטירליכע גאבע; געשענקט אייגענטום; בעשטענדיג אייגענטום.

inher'itative *a.* (אינ-הער'-אי-טע-טיוו) וואס געהט איבער בירושה.

inher'iter *n.* (אינ-הער'-אי-טער) א יורש.

inher'itor *n.* (אינ-הער'-אי-טאר) ז. *inheriter*

inher'itress *n.* (אינ-הער'-אי-טרעס) א יורש'טע.

inher'itrix *n.* (אינ-הער'-אי-טריקס) ז. *inheritress*

inhe'sion *n.* (אינ-היע'-זשאן) ז. *inherence*

inhib'it *v.* (אינ-היב'-איט) הינדערען, שטערען; פערביטען, פערווערען.

inhib'iter *n.* (אינ-היב'-אי-טער) איינער אדער עטוואס וואס שטערט אדער הינדערט; איינער וואס פערווערט אדער לעגט א פערבאט.

inhibi'tion *n.* (אינ-הי-ביש'-אן) הינדערונג, שטערונג; פערווערונג; פערבאט; אן אינהיביטאריום [א פערבאט פון א העכערען געריכט צו א נידריגערען ווייטער אנצוגעהן מיט א פראצעס].

inhib'itive *a.* (אינ-היב'-אי-טיוו) שטערענד, הינדערענד; פערביטענד, פערווערענד.

inhib'itor *n.* (אינ-היב'-אי-טאר) ז. *inhibiter*

inhib'itory *a.* (אינ-היב'-אי-טא-רי) ז. *inhibitive*

inhive' *v.* (אינ-האיוו') אריינטהאן אין א ביענשטאק.

in hoc (אין האק) אין דעם; אין דיעזער הינזיכט.

inhos'pitable *a.* (אינ-האס'-פי-טעבל) אונגאסטפריינדליך.

inhos'pitableness *n.* (אינ-האס'-פי-טעבל-נעס) אונגאסטפריינדליכקייט.

inhos'pitably *adv.* (אינ-האס'-פי-טע-בלי) אויף אן אונגאסטפריינדליכען אופן.

inhospital'ity *n.* (אינ-האס-פי-טעל'-אי-טי) אונגאסטפריינדליכקייט.

in hot wa'ter (אין האט הוואה'-טער) אין אונאנגענעהמליכקייטען; אין שטרייט; ערהיצט, היציג, צארניג; פערליעבט; געפעהרליך.

inhu'man *a.* (אינ-היו'-מען) אונמענשליך, גרויזאם; אכזריות'דיג.

inhumane' *a.* (אינ-היו-מיין') אונמענשליך, אכזריות'דיג.

inhuman'ity *n.* (אינ-היו-מענ'-אי-טי) אונמענשליכקייט, גרויזאמקייט.

inhu'manize *v.* (אינ-היו'-מענ-איז) מאכען אונמענשליך, מאכען גרויזאם, פערווילדען.

inhu'manly *adv.* (אינ-היו'-מענ-לי) אויף אן אונמענשליכען, גרויזאמען אופן.

in'humate *v.* (אינ'-היו-מייט) בעגראבען, בעערדיגען, מקבר זיין.

inhuma'tion *n.* (אינ-היו-מיי'-שאן) בעגראבונג, בעערדיגונג, דאס ברייגען צו קבורה.

inhume' *v.* (אינ-היום') בעגראבען, בעערדיגען, מקבר זיין; אין כעמיע — פערפאקען אין ווארעמער ערד אדער אין בעמיסטיגונגס=שטאפען.

inim'ical *a.* (אי-נימ'-אי-קעל) פיינדליך; געגנעריש.

inimical'ity *n.* (אי-נימ-אי-קעל'-אי-טי) פיינדליכקייט.

inim'ically *adv.* (אי-נימ'-אי-קעל-אי) מיט פיינדליכקייט.

inimitabil'ity *n.* (אינ-אימ-אי-טע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען נאכגעמאכט אדער נאכגעאהמט ווערען.

inim'itable *a.* (אינ-אימ'-אי-טעבל) וואס מען קען ניט נאכמאכען אדער נאכאהמען.

As a writer he has an **inimitable** style.

inim'itableness *n.* (אינ-אימ'-אי-טעבל-נעס) ז. *inimitability*

inim'itably *adv.* (אינ-אימ'-אי-טע-בלי) ניט צום נאכמאכען.

in imita'tion of (אין אימ-אי-טיי'-שאן אוו) נאך דער געשטאלט פון... לויט דער פארם פון...

in ink (אין אינק) מיט טינט [געשריבען, געצייכענט].

iniq'uitous *a.* (אי-ניק'-הווי-טאס) אונגערעכט, זינדיג.

iniq'uitously *adv.* (אי-ניק'-הווי-טאס-לי) אויף אן אונגערעכטען אדער זינדיגען אופן.

iniq'uity *n.* (אי-ניק'-הווי-טי) אונגערעכטיגקייט, זינדיגקייט, זינד.

inirritabil'ity *n.* (אינ-איר-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונרייצבארקייט, דאס ניט ווערען אויפגערייצט אדער צארניג; גוטמוטיגקייט.

inir'ritable *a.* (אינ-איר'-אי-טעבל) וואס ווערט ניט אויפגערייצט אדער אין צארן; גוטמוטיג.

inir'ritative *a.* (אינ-איר'-אי-טע-טיוו) וואס ווערט ניט אויפגערייצט; וואס איז ניט גענייגט צו צארן.

ini'tial *a., n. and v.* (אי-ניש'-על) אנפענגליך; וואס איז געשטעלט צום אנהויב; אן איניציאל, דער ערשטער בוכשטאב פון א ווארט; דער ערשטער בוכשטאב פון א בוך אדער שריפט; בעצייכענען מיט אן איניציאל אדער מיט דעם אנפאנגס=בוכשטאב; בעצייכענען מיט ראשי תבות; אוועקשטעלען דעם אנפאנגס=בוכשטאב [ווי פון א נאמען].

ini'tialize *v.* (אי-ניש'-על-איז) בעצייכענען מיט ראשי תבות [אנשטאט דעם פולען נאמען]; געברויכען איניציאלען אדער ראשי תבות.

ini'tial let'ter (אי-ניש'-על לעט'-ער) אן אנפאנגס=בוכשטאב, א גרויסער בוכשטאב אין אנפאנג ווארט אדער זאץ.

ini'tially *adv.* (אי-ניש'-על-אי) אין אנהויב, אין אנפאנג.

ini'tiary *a.* (אי-ניש'-אי-ע-רי) אנפענגליך.

ini'tiate *v., a. and n.* (אי-ניש'-אי-אייט) איינפיהרען [אין א געזעלשאפט] איינוויהען, מחנך זיין; אויפנעהמען; אנווייזען, אונטערריכטען, לערנען; אנפאנגען, אנהויבען; איינגעפיהרט [אין א געזעלשאפט]; ערשט נור אנגעפאנגען; פארבערייטעט צו אונטערריכט; איינער וואס איז איינגעפיהרט געווארען; איינער וועמען מען האט בעקאנט געמאכט מיט א וויסענשאפט אדער מיט א געהיימער לעהרע.

initia'tion *n.* (אי-ניש-אי-איי'-שאן) די ערשטע איינפיהרונג; די איינוויהונג; דער ערשטער אונטערריכט; די איינפיהרונג אדער די אויפנאהמע אין א געזעלשאפט.

initia'tion fee (אי–ניש–אי–איי'–שאַן פיע) אויפנאַהמע־געלד, איינטריטס־געלד [די איינצאַהלונג וואָס מען מאַכט פאַר ווערען אויפגענומען אין אַ פעראיין].

ini'tiative *n. and a.* (אי–ניש–אי–איי–טיוו) די איניציאַטיווע; דאָס אַנטראַגס־רעכט [דאָס רעכט פון פאָלק פאָרצושלאָגען געזעצע און זיי אַרויסשיקען אויף אַבשטימונג]; אונטערנעהמונגס־גייסט; דער ערשטער שריט אָדער דער ערשטער אַנשטויס צו עפּעס; די מאַכט אָדער פעהיגקייט צו געבען דעם ערשטען אַנשטויס אָדער אַנצוהויבען אַ בעוועגונג; אָנהויבענד, אַנפאַנגענד; איינפיהרענד; איינלייטענד; איינווייהענד.

ini'tiator *n.* (אי–ניש–אי–איי–טאָר) אַן איניציאַטאָר, איינער וואָס פאַנגט אַן אָדער גיט אַן אַנשטויס [צו אַ נייעם געדאַנק, צו אַ נייער בעוועגונג א. ז. וו.].

ini'tiatory *a. and n.* (אי–ניש–אי–איי–טאָ–רי) איינפיהרענד, איינלייטענד; איינווייהענד; די איינפיהרונגס אָדער די איינווייהונגס־צערעמאָניע.

ini'tiatrix *n.* (אי–ניש–אי–איי–טריקס) אַן איניציאַטאָרין. ז. *initiator*.

inject' *v.* (אין–דזשעקט') 1. איינשפּריצען, אַריינגיסען, אַריינלאַזען; אַריינוואַרפען; 2. אַריינציהען [אַ זייטיגען פונקט אין אַ רעדע אָדער אַרטיקעל].
2. Personalities were **injected** into the discussion.

injec'ta *n.* (אין–דזשעק'–טאַ) שטאָפען וואָס ווערען אַריינגעשפּריצט אָדער אַריינגעלאָזען אינווענייג.

injec'table *a.* (אין–דזשעק'–טעבל) וואָס מען קען אַריינשפּריצען; וואָס מען קען אין דעם אַריינשפּריצען.

injec'tion *n.* (אין–דזשעק'–שאַן) דאָס אַריינשפּריצען, אַריינוואַרפען; דאָס אַריינשפּריצונג; אַ קאַנע, אַ קליסטיר; די פליסיגקייט וועלכע ווערט אַריינגעשפּריצט.

injec'tion-cock *n.* (אין–דזשעק'–שאַן–קאַק) דער קראַן דורך וועלכען עס ווערט אַריינגעשפּריצט קאַלט וואַסער אין דעם קאָנדענזאַטאָר [דער אַפּאַראַט וואו דער אַבגענוצטער דאַמפּף ווערט אַבגעקיהלט] פון אַ דאַמפּף־מאַשין.

injec'tion-conden'ser *n.* (אין–דזשעק'–שאַן–קאָן–דען'–סער) אַן איינשפּריץ־קאָנדענזאַטאָר [דער אַפּאַראַט פון אַ דאַמפּף־מאַשין וואו דער אַבגענוצטער דאַמפּף ווערט אַבגעקיהלט דורך אַריינשפּריצען קאַלט וואַסער].

injec'tion-pipe *n.* (אין–דזשעק'–שאַן–פּאַיפּ) דער איינשפּריץ־ראָהר [דער ראָהר פון אַ דאַמפּף־מאַשין דורך וועלכען מען שפּריצט אַריין קאַלט וואַסער אין קאָנדענזאַטאָר אַבצוקיהלען דעם אַבגענוצטען דאַמפּף].

injec'tion-wa'ter *n.* (אין–דזשעק'–שאַן–וואָה'–טער) איינשפּריץ־וואַסער [דאָס קאַלטע וואַסער וואָס ווערט אַריינגעשפּריצט אין דעם קאָנדענזאַטאָר פון אַ דאַמפּף־מאַשין אַבצוקיהלען דעם אַבגענוצטען דאַמפּף].

injec'tor *n.* (אין–דזשעק'–טאָר) אַן אַריינשפּריצער; אַ שפּריצער, אַן אַפּאַראַט צום איינשפּריצען.

injoint' *v.* (אין–דזשאָינט') פעראייניגען, בעהעפטען.

inju'dicable *a.* (אין–דזשו'–די–קעבל) וואָס קען ניט פאָרגעבראַכט ווערען פאַר אַ געריכט.

injudi'cial *a.* (אין–דזשו–דיש'–על) ניט לויט רעכט; ניט נאָך'ן געזעץ.

in judi'cio (אין דזשו–דיש'–אי–או) אין געריכט; אין געריכטליכען פּראָצעס.

injudi'cious *a.* (אין–דזשו–דיש'–אַס) אונאיבערלעגט; אונפערשטענדיג; ניט קלוג.

injudi'ciously *adv.* (אין–דזשו–דיש'–אַס–לי) אויף אַן אונקלוגען אופן; אָהן איבערלעגונג.

injudi'ciousness *n.* (אין–דזשו–דיש'–אַס–נעס) אונפערשטענדיגקייט, ניט־קלוגקייט; אונאיבערלעגטקייט.

injunc'tion *n.* (אין–דזשאַנק'–שאַן) אַ בעפעהל, אַן אָנזאַג; אַ געריכטליכער דעקרעט אָדער פערבאָט.

injunc'tive *a.* (אין–דזשאַנק'–טיוו) וואָס האָט די קראַפט פון אַ געריכטליכען דעקרעט אָדער פערבאָט.

in'jure *v.* (אין'–דזשור) וועה טהאָן; פערלעצען; פערוואונדען; בעליידיגען.

in ju're (אין דזשו'–רי) אין געזעץ, אין יוריספּרודענץ.

in'jured *a.* (אין'–דזשורד) בעשעדיגט; פערוואונדעט; פערלעצט; בעליידיגט.

in'jurer *n.* (אין'–דזשור–ער) איינער וואָס שעדיגט; אַ בעליידיגער.

inju'ria *n.* (אין–דזשו'–רי–אַ) אַ פערברעכען געגען געזעץ; אַ פערברעכען וואָס ווערט פערפאָלגט פון געזעץ.

inju'rious *a.* (אין–דזשו'–רי–אַס) שעדליך; בעליידיגענד.

inju'riously *adv.* (אין–דזשו'–רי–אַס–לי) אויף אַ שעדליכען אופן; אונגערעכט; בעליידיגענדיג.

inju'riousness *n.* (אין–דזשו'–רי–אַס–נעס) שעדליכקייט; בעליידיגונג.

in'jury *n.* (אין'–דזשו–רי) פערלעצונג; שאַדען; פערוואונדונג; בעליידיגונג.

injust' *a.* (אין–דזשאַסט') אונגערעכט.

injus'tice *n.* (אין–דזשאַס'–טיס) אונגערעכטיגקייט, אַן אונרעכט.

injus'tifiable *a.* (אין–דזשאַס–טי–פאַי–עבל) אונבערעכטיגט; וואָס קען ניט פערענטפערט ווערען אָדער בערעכטיגט ווערען.

ink *n. and v.* (אינק) דרוק־פאַרב; טינט; בעשמירען מיט טינט.

ink'-bag *n.* (אינק'–בעג) דער פענכער פון דעם טינט־פיש, אין וועלכען עס געפינט זיך די טינט־עהנליכע פליסיגקייט.

ink'-ball *n.* (אינק'–באָהל) דער דרוק־באַל [אַזאַ לעדער־קישעלע אויף איינצוטונקען אין טינט דעם דרוק־זאַץ. איז אַמאָל געברויכט געוואָרען אין דרוקערייען]; גאַלעש, אַזאַ מין נוס־עהנליכער געוויקס אויף געוויסע פלאַנצען, פון וועלכע מען מאַכט טינט.

ink'-bench *n.* (אינק'–בענטש) דער טייל פון אַ דרוק־מאַשין, אויף וועלכען עס איז אַנגעשמירט די דרוק־פאַרב.

ink'berry *n.* (אינק'–בער–אי) אַזאַ בוימעל אויף וועלכען עס וואַקסען אַ מין שוואַרצע יאַגדעס.

ink'-block *n.* (אינק'–בלאָק) דער פאַרב־שטיין [ביי האַנד־דרוק־מאַשינען].

ink'-blot *n.* (אינק'–בלאָט) אַ טינט־פלעק.

ink'-blurred *a.* (אינק'–בלורד) בעפלעקט מיט טינט.

ink'-bot'tle *n.* (אינק'–באָטל) אַ טינט־פלאַש; אַ טינטער.

ink'-bray'er *n.* (אינק'–בריי'–ער) אַ קורצער הילצערנער וואַל מיט אַ הענטעל, צו צושמירען די דרוק־פאַרב אויף דעם פאַרב־שטיין [ביי האַנד־דרוק־מאַשינען].

ink'-cyl'inder *n.* (אינק'–סיל'–אין–דער) אַ וואַל וואָס רעגולירט די גלייכמעסיגע צוטיילונג פון דער דרוק־פאַרב אין אַ דרוק־מאַשין.

ink'-duct *n.* (אינק'–דאַקט) אַ פאַרריכטונג צוצופיהרען די דרוק־פאַרב צו דער דרוק־מאַשין.

in kee'ping with (אין קיע'–פּינג הוויטה) איינשטימיג מיט...
He maintains an establishment **in keeping** with his large income.

in'ker *n.* (אינ'–קער) איינער פון די גרויסע וואַלען ביי אַ דרוק־מאַשין, וועלכער שמירט אַן מיט פאַרב דעם דרוק־זאַץ; די פאַרריכטונג ביי אַ פערצייכנונגס־אינסטרומענט, דורך וועלכער עס ווערען געמאַכט אויף'ן פּאַפּיער די פערצייכנים־פּונקטען אָדער ליניען.

in'ket *n.* (אינ'–קעט) אַ טינטער.

ink'fish *n.* (אינק'–פיש) דער טינט־פיש. ז. *cuttlefish*.

ink'-foun'tain *n.* (אינק'–פאַונ'–טען) דער טייל פון אַ דרוק־מאַשין, וואו עס געפינט זיך די דרוק־פאַרב.

ink'-gland *n.* (אינק'–גלענד) ז. *ink-bag*.

ink'holder *n.* (אינק'–האָול–דער) אַ טינטער; דער טייל פון אַ שרייב־געצייג, וואו עס געפינט זיך דער טינט.

ink'horn *n.* (אינק'–האָרן) אַ טאַשען־טינטער צוזאַמען מיט שרייב־געצייג.

ink'hornism *n.* (אינק'–האָרנ–איזם) אַ געקינסטעלטער אויסדרוק; אַן אויסדרוק גענומען פון בוך.

ink'horn mate (אינק'–האָרן מייט) איינער וואָס טראַגט זיך אַרום מיט פען און טינט; אַ בוך־וואָרעם, איינער וואָס רעדט מיט געקינסטעלטע, אויסגעלערענטע פראַזען; אַ פּעדאַנט.

ink'horn terms (אינק'–האָרן טוירמז) געקינסטעלטע, אויסגעלערענטע אויסדריקע.

in'kiness *n.* (אינ'–קי–נעס) טינטיגקייט, שוואַרצקייט.

in'king-roll'er *n.* (אינ'–קינג–ראָול'–ער) אַן עלאַסטישער וואַלץ אין דרוק־מאַשינען, וועלכער בעשמירט דעם דרוק־זאַץ מיט דרוק־פאַרב.

in'kle *n. and v.* (אינקל) צווירן־באַנד, פּאַזאַמענט, אַ טאַשמע; אַנווינקען, אַנדייטען; פערשטעהן אַ וואונק, אַנהויבען פערשטעהן.

ink'-lines *n.* (אינק'–לאַינז) אַ לינירט בלאַט, אַ בלאַט מיט שורות.

ink'ling *n.* (אינק'–לינג) די אַנצייגונג, די אַנווייזונג; אַ וואונק.

ink'-ma'ker *n.* (אינק'–מיי'–קער) אַ טינט־מאַכער.

in'knee *n.* (אינ'–ניע) אַ נאַך־אינוועניג־אויסגעבויגענע קניע.

in'kneed *a.* (אינ'–ניעד) וואָס האָט אַ נאַך־אינוועניג־אויסגעבויגענע קניע.

inknit' *v.* (אין–ניט') איינשטריקען.

inknot' *v.* (אין–נאָט') פערבינדען מיט אַ קניפּעל.

ink'-pen'cil *n.* (אינק'–פען'–סיל) אַ טינט־בליישטיפט [אַ בליישטיפט וואָס שרייבט ווי מיט טינט].

ink'-pow'der *n.* (אינק'–פּאַו'–דער) טינט־פּולווער [אַ פּולווער פון וועלכען מען מאַכט טינט].

ink'-roll'er *n.* (אינק'–ראָול'–ער) ז. *inking-roller*.

ink'shed *n.* (אינק'–שעד) שמירערייע.

ink'-sling'er *n.* (אינק'–סלינג'–ער) אַ

פראפעסיאנעלער שרייבער; איינער וואס מאכט שרייבעריי אלס זיין פראפעסיע.

ink'-spil'ler *n.* (אינק׳-ספּיל׳-ער) א טינט־פארדארבער, א פעדער־פּושער, א פּאטשקון, א שמירער.

ink'stand *n.* (אינק׳-סטענד) א טינטער; א שרייב־געצייג־האלטער.

ink'-stone *n.* (אינק׳-סטאון) דער טינט־שטיין [אזא שטיין פון וועלכען מען מאכט טינט]; אזא גלאטער שטיין מיט וועלכען מען רייבט דאס מאטעריאל פון וועלכען מען מאכט טינט.

ink'-ta'ble *n.* (אינק׳-טיי׳בל) א טינט־ברעט [אין א דרוקעריי].

in'ky *a.* (אינ׳-קי) טינטיג, פון טינט; איינגעמאכט אין טינט; שווארץ.

inlace' *v.* (אין-לייס׳) ארומ־איינשליסען, ארומנעהמען אדער בעלעגען מיט שנור־באנד אדער ווי מיט שנור־באנד; ארומרינגלען, ארומוויקלען, דורכפלעכטען.

in'lack *n.* (אינ׳-לעק) דער איינפאל פון וואג אדער מאס [דורך איינטריקענען א. ד. ג.].

inlaid' *a.* (אין-לייד׳) אריינגעלעגט, בעלעגט. ז. *inlay*.

in'land *n., a. and adv.* (אינ׳-לענד) דאס אינערע לאנד; אין דער פעאדאלער ארדנונג — דאס לאנד וואס איז בעארבייט געווארען אדער בעשטימט געווען פאר׳ן פריץ אליין; אינלענדיש; היימיש [אין געגנזאץ צו אויסלענדיש]; וואס קומט פאר אדער געפינט זיך אין די אינערליכע טיילען פון לאנד; ווייט פון דעם ים־ברעג; אין אדער צו דעם אינערען פון לאנד.

in'lander *n.* (אינ׳-לען-דער) אן אינלענדער, אן איינוואהנער פון דעם אינערען פון לאנד [ווייט פון ים].

inlan'dish *a.* (אין-לענ׳-דיש) אינלענדיש, וואס געפינט זיך אין דעם אינערען פון לאנד, ווייט פון ים, היימיש [אין געגנזאץ צו אויסלענדיש].

inlap'idate *v.* (אין-לעפ׳-אי-דייט) פערשטיינערען.

inlaw' *v.* (אין-לאה׳) צוריקברייננגען צו פערלארענע בירגער־רעכטע.

inlay' *v. and n.* (אין-ליי׳) אריינלעגען אדער בעפעסטיגען אין עפּעס [ווי איין שטאף אין צווייטען אלס בעציערונג]; עטוואס וואס ווערט אריינגעלעגט [ווי איין שטאף אין צווייטען אלס בעציערונג]; אן ארנאמענט, א בעציערונג; מאזאאיק.

in'lay *n.* (אינ׳-ליי) עטוואס וואס ווערט אריינגעלעגט [ווי איין שטאף אין צווייטען אלס בעציערונג]; אן ארנאמענט, א בעציערונג; מאזאאיק.

in'layer *n.* (אינ׳-ליי-ער) אן איינלעגער [איינער וואס מאכט איינגעלעגטע ארבייט]; א מאזאאיק־ארבייטער.

inlay'ing *n.* (אין-ליי׳-אינג) דאס דעקארירען מעבעל, וואפען א. ז. וו., אריינלעגענדיג שטיקער עלפאנטביין, גאלד, זילבער, האלץ א. ד. ג.

inlet' *v.* (אין-לעט׳) אריינ־איינלעגען, אריינשטעלען.

in'let *n.* (אינ׳-לעט) איינגאנג, צוגאנג; וועג; א קליינע בוכט [א שמאלער טייל פון א טייך אדער א ים וואס קומט אריין אין א ברעג אדער צווישען אינזלען]; א וואסערלייטונג.

in lieu of (אין ליו אוו) אנשטאט, במקום.

Can you arrange to work on Tuesday in lieu of Monday?

in lit'tle (אין ליטל) אין מיניאטור.

in love (אין לאוו) פערליעבט.

in'ly *adv.* (אינ׳-לי) אינערליך; אינוועניג; אין געהיים.

in'mate *n. and a.* (אינ׳-מייט) איינער וואס געפינט זיך אין א געוויסען פּלאץ אדער אנשטאלט; א מיטוואהנער, אן איינוואהנער; מיטוואהנענד, וואהנענד צוזאמען; געפינענדיג זיך אין א געוויסען פּלאץ אדער אנשטאלט.

The inmates of the hospital are well taken care of.

in'meats *n.* (אינ׳-מיטס) די געדערים, די אינגעווייד.

in me'dias res (אין מיע׳-די-עס ריעז) אין די אינווענינגסטע טיילען; אין תוך.

in memo'riam (אין מי-מאו׳-רי-עם) צום אנדענקען [מעהרסטענס געברויכט אלס אויפשריפט אויף מצבות].

in mem'ory of (אין מעמ׳-א-רי אוו) צום אנדענקען פון...

inmesh' *n.* (אין-מעש׳) ז. *immesh*.

in'most *a. and n.* (אינ׳-מאוסט) אינערסט, אינערליכסט; דער אינערליכסטער טייל.

in'most thoughts (אינ׳-מאוסט טהאהטס) אינערליכסטע געדאנקען, פערבארגענסטע מחשבות.

inn *n.* (אין) א גאסט־הויז, אן אכסניה, א קרעטשמע.

in'nate *a.* (אינ׳-נייט) איינגעבארען, נאטירליך, אינסטינקטיוו; אין באטאניק — וואס ווערט געבארען אינוועניג, וואס קומט ארויס פון אינוועניג.

in'nately *adv.* (אינ׳-נייט-לי) פון נאטור אויס; דורך אינסטינקט.

in'nateness *n.* (אינ׳-נייט-נעס) איינגעבארענקייט, נאטירליכקייט.

innav'igable *a.* (אי-נעוו׳-אי-געבל) אונשיפבאר [וואס מען קען ניט ארומרייזען מיט א שיף].

in'ner *a. and n.* (אינ׳-ער) אינערליך, אינוועניג; ניט קלאר [אין בעדייטונג]; דער טייל פון א ציעל־ברעט ארום דעם צענטער; א שאס אין דעם טייל פון א ציעל־ברעט וואס איז ארום דעם צענטער.

in'ner bar'rister (אינ׳-ער בער׳-איס-טער) אן עלטערער מיטגליעד און איינער פון די פערוואלטער פון א רעכטס־קאלעגיום אין לאנדאן. ז. *inn of court*.

in'ner mon'itor (אינ׳-ער מאנ׳-אי-טאר) די אינערליכע שטימע, דאס געוויסען.

in'nermost *a.* (אינ׳-ער-מאוסט) ז. *inmost*.

in'ner thoughts (אינ׳-ער טהאהטס) געהיימע געדאנקען.

inner'vate *v.* (אי-נויר׳-וועיט) ווירקען דורך די נערוועז.

innerva'tion *n.* (אינ-אויר-וויי׳-שאן) די נערוועז־סיסטעם; די פונקציאנען און ווירקונג פון דער נערוועז־סיסטעם; דאס האבען אבגעשוואכטע נערוועז.

innerve' *v.* (אי-נורוו׳) קרעפטיגען.

inn'holder *n.* (אינ׳-האול-דער) א בעל אכסניה, א קרעטשמער.

in'ning *n.* (אינ׳-אינג) דאס אריינברייננגען אדער אריינעהמען די אבגעשניטענע תבואה; ערנטע; א שטיק לאנד וואס ווערט בעפרייט און בעשיצט פון ים־וואסער.

in'nings *n.* (אינ׳-אינגז) גאנג, רייה, אטשערעד [אין באל־שפּיעל]; די צייט אין וועלכער איינער האלט אן אמט אדער א פּאליטישע פּארטיי איז אין מאכט; ערנטע.

inn'keeper *n.* (אינ׳-קיע׳-פּער) א קרעטשמער, א בעל־אכסניא; איינער וואס האלט אן איינפאהר־הויז.

in'nocence *n.* (אינ׳-א-סענס) אונשולד; אונשעדליכקייט; דאס זיין פריי פון א חשד [וועגען געוויסע זאכען וואס זיינען פערבאטען דורך׳ן געזעץ]; ריינקייט פון זינד; נאאיוויטעט.

in'nocency *n.* (אינ׳-א-סענ-סי) ז. *innocence*.

in'nocent *a. and n.* (אינ׳-א-סענט) אונשולדיג; ניט זינדיג, מאראליש ריין; פריי פון א חשד [וועגען געוויסע זאכען וואס זיינען פערבאטען לויט׳ן געזעץ]; נאאיוו, אונוויסענד; קליין, מילד און ליעבליך [וועגען א קינד אדער בלום]; א נאאיוו קינד; אן אונשולדיגער מענש; אן אונוויסענדער, א פּראסטאק.

in'nocently *adv.* (אינ׳-א-סענט-לי) אויף אן אונשולדיגען אדער נאאיוון אופן.

In'nocents' day (אינ׳-א-סענטס דיי) דער טאג פון די אונשולדיגע קינדער [א קאטוילישער יום־טוב צום אנדענקען פון קעניג הורדוס׳ס אויסשלאכטונג פון קליינע קינדער — דער 28טער דעצעמבער].

innoc'uous *a.* (אי-נאק׳-יו-אס) אונשעדליך; וואס מאכט ניט קיין שלעכטע ווירקונג; ניט גיפטיג [וועגען שלאנגען].

innoc'uously *adv.* (אי-נאק׳-יו-אס-לי) אויף אן אונשעדליכען אופן.

innoc'uousness *n.* (אי-נאק׳-יו-אס-נעס) אונשעדליכקייט.

inn of court (אין אוו קאורט) דאס רעכטס־קאלעגיום [איינע פון די פיער יורידישע געזעלשאפטען אין לאנדאן, ענגלאנד, וואס האבען דאס אויסשליסליכע רעכט צו בעשטימען דאס רעכט פון אדוואקאטען צו פּראקטיצירען].

innom'inate *a.* (אי-נאמ׳-אי-נייט) אהן א בעשטימטען נאמען; אנאנים.

innom'inate ar'tery (אי-נאמ׳-אי-נייט אר׳-טע-רי) איינע פון די גרויסע ארטעריען אדער שלאג־אדערען אין מענשליכען קערפּער. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

innom'inate bone (אי-נאמ׳-אי-נייט באון) דער לענדען־ביין אין מענשליכען קערפּער.

in'novate *v.* (אינ׳-א-ווייט) בענייען, אומענדערען; איינפיהרען נייאיגקייטען.

innova'tion *n.* (אינ-א-וויי׳-שאן) א נייערונג, א נייעס; אן אומענדערונג; נייע איינפיהרונגען.

innova'tional *a.* (אינ-א-וויי׳-שאנ-על) וואס בענייעט; וואס ברייננגט אן אומענדערונג.

innova'tionist *n.* (אינ-א-וויי׳-שאנ-איסט) איינער וואס שטרעבט צו בענייען; איינער וואס זוכט אומענדערונגען.

in'novative *a.* (אינ׳-א-וויי-טיוו) בענייענד; וואס האט א נייגונג צו בענייען אדער אומצוענדערען; וואס איז שייך צו נייאיגקייטען אדער אומענדערונגען.

in'novator *n.* (אינ׳-א-וויי-טאר) א נייעס־מאכער; איינער וואס ענדערט אדער מאכט נייע איינפיהרונגען.

innox'ious *a.* (אי-נאק׳-שאס) ז. *innocuous*.

innox'iously *adv.* (אי-נאק׳-שאס-לי) אויף אן אונשעדליכען אופן.

innox'iousness *n.* (אי-נאק'-שאס-נעס) אונשעדליכקייט.

inn'-por'ter *n.* (אינ'-פאור'-טער) דער געפעק=טרעגער, א משרת אין אן אכסניא.

innuen'do *n.* (אינ-יו-ענ'-דאו) א רמז, א וואונק אויף עפעס, אן אנדייטונג, אינסינואציאן [דאס ארויסשטעלען יענעם אין א פאלשען שיין אדער מאכען אנדייטונגען, מיט'ן צוועק איהם צו שעדיגען אדער פערלוימדען].

innumerabil'ity *n.* (אי-ניו-מע-רע-ביל'-אי-טי) די אונצעהלבארקייט; דאס זיין גרויס אהן א צאהל; אונענדליכקייט.

innu'merable *a.* (אי-ניו'-מע-רעבל) אונצעהלבאר, אהן א צאהל.

innu'merous *a.* (אי-ניו'-מע-ראס) ז. *innumerable*.

innutri'tion *n.* (אינ-יו-טריש'-אן) דער מאנגעל אין נאהרונג.

innutri'tious *a.* (אינ-יו-טריש'-אס) ניט=נעהרענד, אונגאהרהאפט.

innu'tritive *a.* (אי-ניו'-טרי-טיוו) וואס האט ניט קיין נאהרונג.

in obe'dience (אין א-בי'-די-ענס) אוים געהארכזאמקייט.

inobser'vable *a.* (אינ-אב-זויר'-וועבל) אונבעמערקבאר; וואס מען קען ניט זעהן אפילו מיט דער הילף פון אינסטרומענטען.

inobser'vance *n.* (אינ-אב-זויר'-ווענס) אונאכטזאמקייט, גלייכגילטיגקייט; דאס ניט היטען אדער ניט נאכפאלגען עפעס; דאס ניט בעמערקען.

inobser'vant *a.* (אינ-אב-זויר'-ווענט) ניט מערקענד; וואס נעהמט ניט אין אכט.

inoccupa'tion *n.* (אינ-אק-יו-פיי'-שאן) דאס זיין אונבעשעפטיגט אדער ליידיג.

inoc'ulable *a.* (אינ-אק'-יו-לעבל) וואס קען אריינגעזעצט ווערען [ווי א צווייגעל פון איין בוים וואס ווערט אריינגעזעצט אין אן אנדערען]; וואס קען אריינגעשפריצט ווערען אונטער דער הויט [ווי ביי שטעלען פאקען].

inoc'ulate *v.* (אינ-אק'-יו-לייט) אריינזעצען א צווייגעל פון איין בוים אין אן אנדערען; אריינשפריצען אונטער דער הויט [ווי ביי שטעלען פאקען].

inocula'tion *n.* (אינ-אק-יו-ליי'-שאן) די אריינזעצונג פון א צווייג אין אן אנדערען בוים; דאס אריינשפריצען אונטער דער הויט [ווי ביי שטעלען פאקען].

inoc'ulator *n.* (אינ-אק'-יו-ליי-טאר) א גערטנער וואס שטעלט אריין צווייגען פון איין בוים אין אן אנדערען; א פאקען-שטעלער.

ino'dorous *a.* (אינ-או'-דא-ראס) אהן א גערוך, אהן א ריח.

ino'dorousness *n.* (אינ-או'-דא-ראס-נעס) דאס זיין אהן א גערוך; דאס ניט האבען קיין ריח.

inoffen'sive *a.* (אינ-א-פענ'-סיוו) ניט בעליידיגענד, אונשעדליך.

inoffen'sively *adv.* (אינ-א-פענ'-סיוו-לי) אויף אן אונשעדליכער ארט.

inoffen'siveness *n.* (אינ-א-פענ'-סיוו-נעס) אונשעדליכקייט.

inoffi'cial *a.* (אינ-א-פיש'-על) ניט אפיציעל, וואס האט ניט דעם כאראקטער אדער די אויטאריטעט פון א הערשענדער מאכט.

inoffi'cially *adv.* (אינ-א-פיש'-על-אי) אויף אן אונאפיציעלען שטייגער.

in old days (אין אולד דייז) פארצייטען.

in one (אין הוואן) צו דערזעלבער צייט.

inop'erative *a.* (אינ-אפ'-ע-רע-טיוו) וואס ווירקט ניט, וואס מאכט ניט קיין עפעקט אדער ווירקונג.

inoper'cular *a.* (אינ-א-פויר'-קיו-לער) אהן דעקלעך [וועגען מושלען אדער ראקאווינעס].

inop'inate *a.* (אינ-אפ'-אי-נייט) אונערווארטעט, אונגעריכט.

inopportune' *a.* (אינ-אפ-אר-טיון') ניט אין צייט, ניט צו דער פאסענדער געלעגענהייט.

inopportune'ly *adv.* (אינ-אפ-אר-טיונ'-לי) אין ניט קיין געלעגענער אדער בעקוועמער צייט; ניט ביי דער פאסענדער געלעגענהייט.

inoppres'sive *a.* (אינ-א-פרעס'-איוו) ניט דריקענד, ניט לעסטיג.

inor'dinacy *n.* (אינ-אהר'-די-נע-סי) אונארדנונג, אונרעגעלמעסיגקייט; דאס ניט האלטען זיך אין געוויסע גרענעצען; דאס זיין אריבער דער מאס.

inor'dinate *a.* (אינ-אהר'-די-נייט) ניט אין ארדנונג, אונרעגעלמעסיג; אהן א שיעור; וואס האלט זיך ניט אין געוויסע גרענעצען.

inor'dinately *adv.* (אינ-אהר'-די-נייט-לי) אויף א ניט ארדענטליכען אדער אונרעגעלמעסיגען שטייגער.

inor'dinateness *n.* (אינ-אהר'-די-נייט-נעס) ז. *inordinacy*.

inorgan'ic *a.* (אינ-אהר-גענ'-איק) אונארגאניש; וואס האט ניט די סמנים, וועלכע כאראקטעריזירען א לעבעדיגען און וואקסענדען קערפער.

inorgan'ical *a.* (אינ-אהר-גענ'-אי-קעל) ז. *inorganic*.

inorgan'ically *adv.* (אינ-אהר-גענ'-אי-קעל-אי) אויף אן אונארגאנישען שטייגער.

inorganiza'tion *n.* (אינ-אהר-גענ-אי-זיי'-שאן) דאס ניט זיין ארגאניזירט, דער מאנגעל אין ארגאניזאציאן.

inornate' *a.* (אינ-אהר-נייט') ניט בעציערט, איינפאך, פראסט.

inos'culate *v.* (אינ-אס'-קיו-לייט) אין אנאטאמיע — אנאסטאמאזירען, זיך בעריהרען, זיך צונויפגעהן; זיך פעראייניגען [ווי צוויי אדערען אדער נערוועז געהען זיך צונויף און איין ברעג פעראייניגט זיך מיט'ן אנדערען].

inoscula'tion *n.* (אינ-אס-קיו-ליי'-שאן) אין אנאטאמיע — די בעריהרונג, די צוזאמענריהרונג אדער פערבינדונג פון צוויי אדערען אדער נערוועז.

in'osite *n.* (אינ'-א-סאיט) אינאסיט [א צוקער=סובסטאנץ, וואס געפינט זיך אין די מוסקולען פון הארצען, אין די לונגען, אין די ניערען, אין מארך א. ז. וו.].

in part (אין פארט) טיילווייז.

in partic'ular (אין פאר-טיק'-יו-לער) בעזאנדערס.

in parts (אין פארטס) אין טיילען, איינציגע.

in pass'ing (אין פעס'-אינג) אין פערבייגעהן, פערבייגעהענדיג.

in'-pa'tient *n.* (אינ'-פיי'-שענט) א קראנקער וואס ליעגט אין האספיטאל [אין געגענזאץ צו א פאציענט, וועלכער קורירט זיך ביי זיך אין דער היים].

in per'son (אין פויר'סן) פערזענליך, בכבודו ובעצמו.

in pet'to (אין פעט'-טא) פערבארגען טיעף אין הארצען; בעהאלטען אינוועניג; ניט אויפגעדעקט.

in pie'ces (אין פיע'-סעז) אויף שטיקלעך.

in place of (אין פלייס אוו) אנשטאט.

in pos'se (אין פאס'-אי) פאטענציאל, בכח [ניט בפועל].

in poten'tia (אין פא-טענ'-שיא) פאטענציאל, אין מעגליכקייט [ניט אין דער ווירקליכקייט].

in'pouring *n.* (אינ'-פאור-אינג) אן אריינגיסונג, אן איינפלוס.

in prime (אין פראים) אין פולער יוגענדס=קראפט.

in print (אין פרינט) געדרוקט.

in pro'pria perso'na (אין פראו'-פרי'-א פויר-סאו'-נא) פערזענליך [ניט דורך אן אנדערען], בכבודו ובעצמו.

in pu'ris natural'ibus (אין פיו'-ריס נע-טשו-רעל'-אי-באס) אין ריינער נאטור, נאקעט.

in'quest *n.* (אינ'-קהוועסט) אן אונטערזוכונג; א געריכטליכע אויספארשונג וועגען א פערברעכען אדער וועגען אן אנדער זאך וואס דארף גע'משפט ווערען.

inqui'etude *n.* (אינ-קהוואי'-ע-טיוד) אונרוהיגקייט, אונרוה.

inquir'able *a.* (אינ-קהוואיר'-עבל) אונטערזוכבאר [וואס איז צום אונטערזוכען אדער צום ערפארשען].

inquire' *v.* (אינ-קהוואיר') זיך ערקינדיגען, פרעגען נאך עפעס, אונטערזוכען, ערפארשען; מאכען א געריכטליכע אונטערזוכונג.

inquire' about' (אינ-קהוואיר' ע-באוט') קלייבען ידיעות אדער אינפארמאציאנען וועגען עפעס.

inquire' af'ter (אינ-קהוואיר' עפ'-טער) זיך נאכפרעגען אויף אימעצען אדער עפעס.

inquired' for (אינ-קהוואירד' פאר) אויף וואס מען פרעגט זיך נאך, וואס מען פערלאנגט שטארק.

inquir'er *n.* (אינ-קהוואיר'-ער) אן אונטערזוכער, א פארשער.

inquir'ingly *adv.* (אינ-קהוואיר'-אינג-לי) דורך אונטערזוכונג, מיט אויספארשונג.

inquir'y *n.* (אינ-קהוואיר'-אי) די אונטערזוכונג, די פארשונג; א פראגע, א קשיא.

inquisi'tion *n.* (אינ-קהווי-זיש'-אן) די אונטערזוכונג, די נאכפארשונג; א געריכטס=אונטערזוכונג.

Inquisi'tion *n.* (אינ-קהווי-זיש'-אן) די אינקוויזיציאן, א קירכליך געריכט, וואס איז געגרינדעט געווארען אין מיטעלאלטער מיט דעם ציעל צו פערפאלגען אפיקורסים און געגנער פון דער הערשענדער קירך.

inquisi'tional *a.* (אינ-קהווי-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א נאכפארשונג; וואס איז כאראקטעריזירט דורך אן אונטערזוכונג; וואס געהערט צו דער אינקוויזיציאן. ז. *Inquisition*.

inquis'itive *a.* (אינ-קהוויז'-אי-טיוו) 1. פארשענד, נאכפארשענד; 2. נייגיעריג.
2. Children are by nature **inquisitive**.

inquis'itively *adv.* (אינ-קהוויז'-אי-טיוו-לי) אויף א נאכפארשענדען שטייגער; מיט נייגיעריגקייט.

inquis'itiveness *n.* (אינ-קהוויז'-אי-טיוו-נעס) נייגיעריגקייט; נייגיערדע.

inquis'itor *n.* (אינ-קהוויז'-אי-טאר)

אן אונטערזוכונגס-ריכטער; אן אינקוויזיטאר [א ריכטער וואס פערפאלגט און משפט די געגנער פון דער הערשענדער קירך]. ז. *Inquisition*.

inquisito'rial *a.* (אינ-קהוויז-אי-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אונטערזוכונגס-ריכטער; וואס געהערט צו אן אינקוויזיטאר אדער צום קירכליכען ריכטער, וועלכער פערפאלגט אפיקורסים און געגנער פון דער הערשענדער רעליגיאן; וואס איז שייך צו אן אונטערזוכונג.

inrac'inate *v.* (אינ-רעס'-אי-נייט) איינוואָרצלען, איינפלאנצען.

in rea'son (אין ריע'זן) מיט רעכט, לויט יושר.

in reserve' (אין רי-זורוו') אין רעזערוו, אין זאפאס, גרייט.

in respect' to (אין רי-ספעקט' טו) בנוגע צו...; וואס איז שייך, וואס אנבעלאנגט צו...

in return' (אין רי-טוירן') דערפאר; אלס בעלוינונג.

in right mind (אין ראיט מאינד) ביים פולען פערשטאנד, ביים קלארען זינען.

in'road *n.* (אינ'-ראוד) 1. דאס צונעהמען עפעס ביי אימעצען, דאס שעדיגען; 2. אן איבערפאל, אן אנפאל, אן אנגריף.
1. We are making inroads on the commerce of Europe.

in'rolled *a.* (אינ'-ראולד) אריינגעוויקעלט [וועגען בלעטער פון פלאנצען].

in'run *n.* (אינ'-ראן) דאס אריינפליסען [ווי פון איין וואסער-שטראם אין צווייטען אדער אין ים]; אריינפלוס; א פלאץ וואו איין פלוס פאלט אריין אין צווייטען.

in'running *n.* (אינ'-ראנ-אינג) אן אריינפלוס. ז. *inrun*.

in'rush *n.* (אינ'-ראש) דאס אריינשטראמען; א צופלוס.

insal'ivate *v.* (אינ-סעל'-אי-וועיט) אויסמישען ביים קייען די שפייז מיט שפייעכץ.

insaliva'tion *n.* (אינ-סעל-אי-וויי'-שאן) אויסמישונג פון שפייעכץ מיט דער שפייז בשעת'ן קייען.

insalu'brious *a.* (אינ-סע-ליו'-ברי-אס) אונגעזונד, שעדליך פאר'ן געזונד.

insalu'brity *n.* (אינ-סע-ליו'-ברי-טי) אונגעזונדקייט, שעדליכקייט פאר'ן געזונד.

insal'utary *a.* (אינ-סעל'-יו-טע-רי) אונגעזונד, שעדליך פאר'ן געזונד; שעדליך; וואס פערורזאכט שלעכטס.

insanabil'ity *n.* (אינ-סענ-ע-ביל'-אי-טי) אונהיילבארקייט, אונקורירבארקייט.

insan'able *a.* (אינ-סענ'-עבל) אונהיילבאר; אונקורירבאר.

insan'ableness *n.* (אינ-סענ'-עבל-נעס) ז. *insanability*.

insan'ably *adv.* (אינ-סענ'-ע-בלי) אויף אן אונהיילבארען אופן.

ins and outs (אינז ענד אוטס) בויגונגען, זיגזאגען; שוואנקונגען; א פערדרעהטער, ניט גלייכער וועג; א לאבירינט; געניוע איינצעלהייטען; די הערשענדע רעגיערונגס-פארטיי און די געגנער-פארטיי [דאס מיניסטעריום און די אפאזיציאן].

insane' *a.* (אינ-סיין') וואהנזיניג, משוגע; וואס האט א שייכות צו משוגעת אדער משוגעים.

insane'ly *adv.* (אינ-סיינ'-לי) מיט משוגעת; ווי א משוגע'נער.

insane'ness *n.* (אינ-סיינ'-נעס) ז. *insanity*.

insan'itary *a.* (אינ-סענ'-אי-טע-רי) אונסאניטאריש, וואס איז געגען די כללים פון היגיענע [געזונדהייטס-לעהרע], אונגעזונד, שעדליך פאר'ן געזונד.

insan'ity *n.* (אינ-סענ'-אי-טי) וואהנזין, משוגעת.

insa'piency *n.* (אינ-סיי'-פי-ענ-סי) נארישקייט.

insa'pient *a.* (אינ-סיי'-פי-ענט) נאריש.

insatiabil'ity *n.* (אינ-סיי-שיע-ביל'-אי-טי) אונערזעטליכקייט, דאס ניט קענען זיך אנזעטיגען; דאס ניט קענען זיך צופריעדענשטעלען.

insa'tiable *a.* (אינ-סיי'-שיעבל) אונערזעטליך, וואס קען זיך ניט אנזעטיגען; וואס קען זיך ניט צופריעדענשטעלען.

insa'tiableness *n.* (אינ-סיי'-שיעבל-נעס) ז. *insatiability*.

insa'tiably *adv.* (אינ-סיי'-שיע-בלי) ניט אנצוזעטיגען; ניט צום שטילען אדער צופריעדען צו שטעלען [דורשט, הונגער, פערלאנג א. ד. ג.].

insa'tiate *a.* (אינ-סיי'-שיעיט) ז. *insatiable*.

insa'tiately *adv.* (אינ-סיי'-שיעיט-לי) ז. *insatiably*.

insa'tiateness *n.* (אינ-סיי'-שיעיט-נעס) ז. *insatiability*.

insati'ety *n.* (אינ-סע-טאי'-ע-טי) ז. *insatiability*.

insatisfac'tion *n.* (אינ-סעט-אים-פעק'-שאן) אונבעפריעדיגקייט, אונצופריעדענהייט.

inscri'bable *a.* (אינ-סקראי'-בעבל) וואס מען קען אריינשרייבען [איין געאמעטרישע פיגור אין א צווייטער]; וואס מען קען אויפשרייבען, פערצייכנען אדער איינקריצען; וואס קען איינגעשריבען ווערען [אין א ליסט]; וואס קען געווידמעט ווערען [אין אן אויפשריפט].

inscri'bableness *n.* (אינ-סקראי'-בעבל-נעס) דאס קענען אויפגעשריבען ווערען, אריינגעשריבען ווערען, איינגעשריבען ווערען, פערצייכענט ווערען אדער איינגעקריצט ווערען; וואס מען קען ווידמענען. ז. *inscribe*.

inscribe' *v.* (אינ-סקראיב') איינשרייבען, אויפשרייבען; פערצייכנען; איינקריצען; ווידמען [דורך אן אויפשריפט]; אריינשרייבען איין געאמעטרישע פיגור אין א צווייטער [ווי למשל, א דריי-עק אין א קרייז].

inscribed' *a.* (אינ-סקראיבד') וואס האבען קאלירטע צייכענס עהנליך צו בוכשטאבען [וועגען אינזעקטען].

inscri'ber *n.* (אינ-סקראי'-בער) דער וואס מאכט אן אויפשריפט, קריצט איין אדער ווידמעט עפעס אימעצען [דורך אן אויפשריפט]; איינער וואס שרייבט איין [אין א ליסט]; איינער וואס שרייבט אריין איין געאמעטרישע פיגור אין א צווייטער.

inscrip'tible *a.* (אינ-סקריפ'-טיבל) וואס קען אריינגעשריבען ווערען [וועגען געאמעטרישע פיגורען].

inscrip'tion *n.* (אינ-סקריפ'-שאן) אויפשריפט; איינקריצונג; ווידמונג [פון א ליטעראַרישען ווערק]; די צושטימונג פון אן אנקלאגער צו נעהמען אויף זיך די שטראף, וועלכע עס דארף קריגען דער אנגעקלאגטער, אויב עס וועט זיך ארויסצייגען, אז די אנקלאגע איז א פאלשע; דאס איינשרייבען אין א ליסט.

inscrip'tional *a.* (אינ-סקריפ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אויפשריפט, איינקריצונג, איינשרייבונג אדער ווידמונג.

inscrip'tive *a.* (אינ-סקריפ'-טיוו) ז. *inscriptional*.

inscrutabil'ity *n.* (אינ-סקרו-טע-ביל'-אי-טי) אונערפארשליכקייט, אונדורכדרינגליכקייט, געהיימניספאלקייט.

inscru'table *a.* (אינ-סקרו'-טעבל) אונערפארשליך; אונדורכדרינגליך; געהיימניספאל.

inscru'tableness *n.* (אינ-סקרו'-טעבל-נעס) ז. *inscrutability*.

inscru'tably *adv.* (אינ-סקרו'-טע-בלי) אויף אן אונערפארשליכען, אונדורכדרינגליכען אדער געהיימניספאלען אופן.

in se (אין סיע) אן און פאר זיך.

insec'able *a.* (אינ-סעק'-עבל) אונשניידבאר, וואס מען קען ניט צושניידען אדער פאנאנדערטיילען.

in'sect *n. and a.* (אינ'-סעקט) אן אינזעקט [ווי א פליג, א שפין, א ביען, א וואנץ א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו אן אינזעקט; ווי אן אינזעקט, קליין, נידריג.

insec'tean *a.* (אינ-סעק'-טי-ען) ווי ביי אן אינזעקט; אינזעקטענארטיג.

insec'ticide *n.* (אינ-סעק'-טי-סאיד) אן אינזעקטען-פערניכטער; א מיטעל צו פערניכטען אינזעקטען; דאס פערניכטען אינזעקטען.

insec'tiform *a.* (אינ-סעק'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון אן אינזעקט; עהנליך צו אן אינזעקט.

insec'tifuge *n.* (אינ-סעק'-טי-פיודזש) אן אינזעקטען-פערטרייבער; א מיטעל צו פערטרייבען אינזעקטען.

in'sectile *a.* (אינ'-סעק-טיל) אינזעקטענארטיג; וואס האט די פארם אדער דעם כאראקטער פון אן אינזעקט.

insec'tion *n.* (אינ-סעק'-שאן) דער איינשניט; דאס איינשניידען.

Insectiv'ora *n.* (אינ-סעק-טיוו'-א-רא) דער מין חיות וואס ערנעהרען זיך מיט אינזעקטען.

insec'tivore *n.* (אינ-סעק'-טי-וואור) א חיה וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען.

insectiv'orous *a.* (אינ-סעק-טיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען; וואס בעלאנגט צו די אינזעקטען-פרעסענדע חיות.

in'sect-pow'der *n.* (אינ'-סעקט-פאו'-דער) א פולווער [פראשעק] צו פערניכטען אינזעקטען.

insecure' *a.* (אינ-סי-קיור') אונזיכער; אונגעוויס.

insecure'ly *adv.* (אינ-סי-קיור'-לי) אויף אן אונזיכערען אדער אונגעוויסען שטייגער.

insecu'rity *n.* (אינ-סי-קיו'-רי-טי) אונזיכערקייט; אונגעוויסהייט; דאס זיין אונזיכער אדער אונגעוויס.

insen'sate *a.* (אינ-סענ'-סייט) וואס פיהלט ניט; אונבעלעבט; אונזיניג, נאריש.

insensibil'ity *n.* (אינ-סענ-סי-ביל'-אי-טי) דאס ניט-פיהלען; אונעמפפינדליכקייט.

insen'sible *a.* (אינ-סענ'-סיבל) וואס פיהלט ניט; אונעמפפינדליך; וואס לאזט זיך ניט פיהלען; אונמערקליך.

insen'sibleness *n.* (אינ-סענ'-סיבל-נעס) ז. *insensibility*.

insen'sibly *adv.* (אינ-סענ'-סי-בלי) אויף אן אונפיהלבארען אדער אונעמפפינדליכען אופן.

insen'sitive *a.* (אינ-סענ'-סי-טיוו) וואס פיהלט ניט; אונעמפפינדליך.

insen'sitiveness *n.* (אינ-סענ'-סי-טיוו-נעס) דאס ניט פיהלען; דאס זיין אונעמפפינדליך.

insen'tient *a.* (אינ-סענ'-שיענט) וואס פיהלט ניט.

inseparabil'ity *n.* (אינ-סעפ-ע-רע-ביל'-אי-טי) אונצוטרענליכקייט, דאס ניט קענען פאנאנדערגעטיילט ווערען.

insep'arable *a.* (אינ-סעפ'-ע-רעבל) אונצוטרענליך; וואס קען ניט פאנאנדערגעטיילט ווערען.

insep'arableness *n.* (אינ-סעפ'-ע-רעבל-נעס) אונצוטרענליכקייט, אונאבזונדערליכקייט; דאס ניט קענען פאנאנדערגעטיילט ווערען.

insep'arably *adv.* (אינ-סעפ'-ע-רע-בלי) אויף אזא אופן, דאס עס קען ניט פאנאנדערגעטיילט ווערען.

insep'arate *a.* (אינ-סעפ'-ע-רייט) אונטרענבאר, ניט געטרענט; אונטיילבאר, ניט פאנאנדערגעטיילט.

insep'arated *a.* (אינ-סעפ'-ע-ריי-טעד) ז. *inseparate*

insert' *v.* (אינ-סוירט') ארייגזעצען, ארייגשטעלען, ארייגרוקען; צושטעלען.

in'sert *n.* (אינ'-סוירט) עפעס וואס איז ארייגגעשטעלט אדער צוגעזעצט.
The map is an insert in the dictionary.

inser'table *a.* (אינ-סויר'-טעבל) וואס קען ארייגגעזעצט אדער ארייגגעשטעלט ווערען.

inser'ter *n.* (אינ-סויר'-טער) דער וואס שטעלט עפעס אריין; דער וואס גיט אריין א מודעה אין א צייטונג.

inser'ting *n.* (אינ-סויר'-טינג) דאס ארייגשטעלען, דאס צושטעלען; אן ארייגגעשטעלטע זאך.

inser'tion *n.* (אינ-סויר'-שאן) די ארייגשטעלונג, די ארייגרוקונג; די צושטעלונג; דאס וואס איז ארייגגעשטעלט, ארייגגעזעצט אדער ארייגגענעהט.

insesso'rial *a.* (אינ-סע-סאו'-רי-על) וואס קען זיצען אויף א שטאנג [ווי א פויגעל]; וואס איז געבויט צו קענען זיצען אויף א שטאנג [ווי די פיס פון א פויגעל].

in'set *n.* (אינ'-סעט) אן ארייגגעזעצטע אדער ארייגגעשטעלטע זאך; ביי בוכבינדער — א בלאט אדער בלעטער וואס ווערען ארייגגעקלעפט אין בוך בשעת'ן איינבינדען; דער ארייגפלוס [ווי פון א שטראם בעת ער פאלט אריין אין אן אנדער שטראם].

inset' *v.* (אינ-סעט') ארייגזעצען, ארייגשטעלען, ארייגפליסען.

inshel'ter *v.* (אינ-שעל'-טער) געבען אן אבדאך, ארייננעהמען אין וואהנונג.

in'shoot *n.* (אינ'-שוהט) דאס ארייגשיסען [ווי אין באל-שפיעל, ווען דער ווארפערווארפט דעם באל אזוי, דאס אויף א געוויסען פונקט מאכט ער א קרומע ליניע און פאלט גלייך אריין צום כאפער אין די הענד, ניט לאזענדיג דעם אבקלאפער אבצוקלאפען איהם].

in'shore *a. and adv.* (אינ'-שאור) וואס איז נאהנט צום ברעג; וואס דערנעהנטערט זיך צום ברעג; נעבען ברעג; אין דער ריכטונג צום בדעג.

in short (אין שאהרט) בקיצור.

in'side *n., a. and adv.* (אינ'-סאיד) דאס אינערע, דאס אינוועניגסטע; די אינוועניגסטע זייט; אינוועניגסטער; אינוועניג.

in'side out (אינ'-סאיד אוט) קאפויר, להיפוך, מיט דעם אונטערשלאג פון אויבען, מיט די פיס ארויף.

insi'der *n.* (אינ-סאי'-דער) אן אינוועניגסטער מענש, איינער וואס געפינט זיך אינוועניג [אין א הויז, אין א קרייז, אין א געזעלשאפט] און איז גוט בעקאנט מיט אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען.

in'side-screw *n.* (אינ'-סאיד-סקרוה) די שרויף-מוטער [מוטערקע].

in'side-shut'ter *n.* (אינ'-סאיד-שאט'-ער) פענסטער-לאדען, וואס פערמאכען זיך פון אינוועניג.

insid'ious *a.* (אינ-סיד'-אי-אס) וואס לויערט פון א בעהאלטענעם ארט; וואס איז געפלאנעוועט אדער געמאכט מיט דעם ציעל ארייגצונארען; הינטערליסטיג; בעטריגעריש.

insid'iously *adv.* (אינ-סיד'-אי-אס-לי) לויערענדיג פון א בעהאלטענעם ארט; אויף אן ארייננארענדען, בעטריגערישען אופן.

insid'iousness *n.* (אינ-סיד'-אי-אס-נעס) הינטערליסטיגקייט, בעטרוג, פאלשקייט.

in'sight *n.* (אינ'-סאיט) א טיעפער בליק; א גרינדליכע קענטנים פון עפעס; א שארפע איינזיכט.

insig'nia *n.* (אינ-סיג'-ני-א) עהרען-צייכענס [פון בעאמטע], צייכענס.

insignif'icance *n.* (אינ-סיג-ניפ'-אי-קענס) אונבעדייטענהייט, אונוויכטיגקייט, קלייניגקייט.

insignif'icancy *n.* (אינ-סיג-ניפ'-אי-קענ-סי) ז. *insignificance*

insignif'icant *a.* (אינ-סיג-ניפ'-אי-קענט) אונבעדייטענד, אונוויכטיג; קלייניך, געמיין.

insignif'icantly *adv.* (אינ-סיג-ניפ'-אי-קענט-לי) אויף אן אונבעדייטענדען, ניט וויכטיגען שטייגער.

insincere' *a.* (אינ-סינ-סיר') ניט אויפריכטיג, פערשטעלט, פאלש, היפאקריטיש.

insincere'ly *adv.* (אינ-סינ-סיר'-לי) אהן אויפריכטיגקייט; פערשטעלטערהייד; מעשה צבוע'ק.

insincer'ity *n.* (אינ-סינ-סער'-אי-טי) אונאויפריכטיגקייט, פערשטעלטקייט, פאלשקייט, צבוע'טסטווע.

in'sinking *n.* (אינ'-סינ-קינג) דאס איינזינקען; אן ארייגדריקונג, א פערטיעפונג.

insin'uate *v.* (אינ-סינ'-יו-אייט) אינסינואירען, ארויסשטעלען איינעמס געדאנקען אדער טהאטען אין אזא געשטאלט אז עס זאל איהם שאדען; אונבעמערקט ארייגדרינגען; זיך איינשמייכלען; אנדייטען אויף א פערשטעלטען אופן; געבען א זייטיגע אנצוהערעניש.

insin'uating *a.* (אינ-סינ'-יו-איי-טינג) וואס רוקט זיך אונטער בגנבה; אונטערקריכענד, איינשמייכלענד; אינסינואירענד, וואס שטעלט ארויס איינעמס געדאנקען אדער טהאטען אין אזא געשטעלט, וועלכע זאל איהם ברייגגען שאדען.

insin'uatingly *adv.* (אינ-סינ'-יו-איי-טינג-לי) אויף אן אינסינואירענדען אופן.

insinua'tion *n.* (אינ-סינ-יו-איי'-שאן) אן אינסינואציע [דאס ארויסשטעלען איינעמס געדאנקען אדער טהאטען אין אזא געשטאלט, וואס זאל איהם ברייגגען שאדען]; דאס לאנגזאמע ארייגקריכען; דאס ארייג'גנב'ענען זיך; דאס אונטער'חנפ'נען זיך; אן אנדייטונג אויף עפעס, אן אנצוהערעניש.

insin'uative *a.* (אינ-סינ'-יו-איי-טיוו) ז. *insinuating*

insin'uator *n.* (אינ-סינ'-יו-איי-טאר) איינער וואס חנפ'ט זיך צו; אן אינסינואטאר, איינער וואס שטעלט ארויס דעם אנדערענס געדאנקען אדער טהאטען אין אזא געשטאלט, וואס ברייגגט איהם שאדען.

insip'id *a.* (אינ-סיפ'-איד) געשמאקלאז; פלאך, טעמפ, ניט אינטערעסאנט.

insipid'ity *n.* (אינ-סי-פיד'-אי-טי) געשמאקלאזיגקייט; פלאכקייט, טעמפקייט [אין גייסט]; אונאינטערעסאנטקייט.

insip'idly *adv.* (אינ-סיפ'-איד-לי) אהן געשמאק, אהן טעם, אהן אינטערעס; טעמפ, פלאך.

insip'idness *n.* (אינ-סיפ'-איד-נעס) ז. *insipidity*

insip'ience *n.* (אינ-סיפ'-אי-ענס) נארישקייט.

insip'ient *a.* (אינ-סיפ'-אי-ענט) ניט קלוג, נאריש.

insist' *v.* (אינ-סיסט') בעשטעהן, דרינגען אז אזוי מוז עס זיין. אויף עפעס

insis'tence *n.* (אינ-סיס'-טענס) עקשנות; דאס בעשטעהן אויף עפעס.

insis'tency *n.* (אינ-סיס'-טענ-סי) דרינגליכקייט.

insis'tent *a.* (אינ-סיס'-טענט) וואס בעשטעהט אויף עפעס, איינגעשפארט; לעבעדיג, אינטענסיוו; וואס ציהט די אויפמערקזאמקייט.

insis'tently *adv.* (אינ-סיס'-טענט-לי) בעשטעהענדיג אויף עפעס; פאדערענדיג אדער בעטענדיג מיט עקשנות.

in si'tu (אין סאי'-טיו) אין געלאגיע — אויף'ן ארט, אויף'ן פלאץ וואו דאס האט זיך אויסגעבילדעט אדער פארמירט [ווענען שטיין-מאסען און ערד-שיכטען].

insnare' *v.* (אינ-סנעהר') ארייגכאפען אין א פאסטקע, ארייננארען אין זאק; שטעלען אין א פערצווייפעלטער לאגע; בעטריגען, פערפיהרען.

insnar'er *n.* (אינ-סנעהר'-ער) איינער וואס שטעלט א פאסטקע ארייגצוכאפען; א בעטריגער, אן אבנארער.

insobri'ety *n.* (אינ-סא-בראי'-ע-טי) ניט-ניכטערקייט, שכור'קייט.

insociabil'ity *n.* (אינ-סאו-שיע-ביל'-אי-טי) אונגעזעליגקייט, דאס ניט פעהיג זיין צום געזעלשאפטליכען לעבען.

inso'ciable *a.* (אינ-סאו'-שיעבל) אונגעזעליג, ניט פריינדליך, ניט געזעלשאפטליך.

inso'ciate *a.* (אינ-סאו'-שי-אייט) אהן חברים, איינזאם.

in'solate *v.* (אינ'-סא-לייט) אויסשטעלען עפעס אויף דער זון [צו טריקענען אדער בלייכען].

insola'tion *n.* (אינ-סא-ליי'-שאן) דאס אויסשטעלען אויף דער זון; די דערוואַרעמונג פון דער זון; א געוויסע שעדיגונג פון פלאנצען אין אן אראנזשעריי, ווען אויף זיי פאלען צופיעל שטראהלען פון דער זון.

in'-sole *n.* (אינ'-סאול) דער אינוועניגסטער זויל [פאדעשווע] פון א שוך; א שטיקעל שטאף ארייגגעלעגט אין א שוך.

in'solence *n.* (אינ'-סא-לענס) העזה, חוצפה, אונפערשעמטהייט, גראבקייט.

in'solent *a.* (אינ'-סא-לענט) העזה'דיג, אונפערשעמט, גראב.

in'solently *adv.* (אינ'-סא-לענט-לי) אויף א חוצפה'דיגען אדער אונפערשעמטען אופן.

insolid'ity *n.* (אינ-סא-ליד'-אי-טי) ניט-פעסטקייט, שוואכקייט; אונהאלטבארקייט.

in sol'ido (אין סאל'-אי-דאו) סאלידאריש; פעראייניגט, צוזאמען.

insolubil'ity *n.* (אינ-סאל-יו-ביל'-אי-טי) אונשמעלצבארקייט, אונצולאזבארקייט; אונלעזבארקייט, אונערקלערבארקייט.

insol'uble *a. and n.* (אינ-סאל'-יובל) אונשמעלצבאר [וואס מען קען ניט צושמעלצען אדער צולאזען]; וואס קען ניט געלעזט אדער ערקלערט ווערען; אן אונשמעלצבארע זאך; א פראבלעם וואס קען ניט געלעזט ווערען.

insol'ubleness *n.* (אינ-סאל'-יובל-נעס) ז. *insolubility*.

insol'vable *a.* (אינ-סאל'-וועבל) וואס מען קען ניט אויפלעזען אדער ערקלערען; וואס קען ניט בעצאהלט ווערען; וואס מען קען ניט פאנאנדערלאזען אדער פאנאנדערנעהמען.

insol'vency *n.* (אינ-סאל'-ווענ-סי) די אונפעהיגקייט, דאס ניט זיין אין שטאנד צו צאהלען חובות; באנקראט.

insol'vency of an estate' (אינ-סאל'-ווענ-סי אוו ען עס-טייט') דער באנקראט פון א מאיאנטעק [וואס אז מען זאל איהם פערקויפען, וועט דאס געלד ניט קלעקען אויף צו בעצאהלען אלע חובות פון'ם אייגענטימער].

insol'vent *a. and n.* (אינ-סאל'-ווענט) אונפעהיג אדער ניט אימשטאנד צו צאהלען חובות; וואס איז שייך צו א באנקראט; איינער וואס איז ניט אימשטאנד אויסצוצאהלען אלע זיינע חובות.

insol'vent debt'ors' court (אינ-סאל'-ווענט דעט'-ארז קאורט) אן אבטיילונג אין געריכט, וואס פערנעהמט זיך מיט באנקראט-פראצעסען.

in some respect' (אין סאם רי-ספעקט') אין א געוויסער מאס, אין א געוויסער הינזיכט.

insom'nia *n.* (אינ-סאמ'-ני-א) שלאפלאזיגקייט, דאס ניט קענען שלאפען.

insom'niac *n.* (אינ-סאמ'-ני-עק) איינער וואס ליידעט פון שלאפלאזיגקייט.

insom'nious *a.* (אינ-סאמ'-ני-אס) שלאפלאז, וואס קען ניט שלאפען.

insom'nolence *n.* (אינ-סאמ'-נא-לענס) ז. *insomnia*.

in'somuch' *adv.* (אינ'-סא-מאטש') אויף אזוי פיעל, ווי.

insono'rous *a.* (אינ-סא-נאו'-ראס) וואס קלינגט ניט, וואס האט ניט קיין רעזאנאנס.

insooth' *adv.* (אינ-סוהטה') וואהרהאפטיג, אין אמת'ן.

insou'ciance *n.* (אינ-סוה'-סי-ענס) נאכלעסיגקייט, אונבעזארגטהייט, אונבעזארגטקייט.

insou'ciant *a.* (אינ-סוה'-סי-ענט) אונבעזארגט, נאכלעסיג, אונבעזארגט.

insoul' *v.* (אינ-סאול') אריינלעגען די נשמה, צובינדען זיך מיט לייב און לעבען.

inspan' *v.* (אינ-ספען') איינשפאנען, איינאכען, אנטהאן א יאך.

in spe'cie (אין ספיע'-שי) מיט הארטע מטבעות, במזומנים [צאהלען]; אין דער פארם, אין דעם סארט, אין דעם מין.

inspect' *v.* (אינ-ספעקט') בעזעהן, בעקוקען; אונטערזוכען, אויפזעהן אדער אכטונג געבען אויף עפעס.

inspec'tion *n.* (אינ-ספעק'-שאן) אינספעקציאן, גענויע בעטראכטונג, בעקוקונג, אונטערזוכונג; אויפזיכט, השגחה.

inspec'tion-car *n.* (אינ-ספעק'-שאן-קאר) אן אינספעקציאנס-וואגאן [צום אונטערזוכען דעם צושטאנד פון דער אייזענבאהן-ליניע].

inspec'tive *a.* (אינ-ספעק'-טיוו) בעטראכטענד, בעקוקענד, אונטערזוכענד, האבענדיג די אויפזיכט.

inspec'tor *n.* (אינ-ספעק'-טאר) אן אינספעקטאר, אן אויפזעהער.

inspec'torate *n.* (אינ-ספעק'-טאר-אייט) אינספעקטאראט, די געגענד אונטער דעם רשות פון אן אינספעקטאר, אינספעקטארען-קערפערשאפט.

inspec'tor-gen'eral *n.* (אינ-ספעק'-טאר-דזשענ'-ע-רעל) דער הויפט-אינספעקטאר אדער אויפזעהער.

inspecto'rial *a.* (אינ-ספעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אינספעקטאר.

inspec'torship *n.* (אינ-ספעק'-טאר-שיפ) אינספעקטאראט; דאס אמט פון אן אינספעקטאר; דער דיסטריקט אונטער דעם רשות פון אן אינספעקטאר.

inspec'tress *n.* (אינ-ספעק'-טרעס) אן אינספעקטארשע; א פרוי אן אינספעקטאר.

insperse' *v.* (אינ-ספוירס') בעשפרענקלען, בעשפריצען.

insper'sion *n.* (אינ-ספויר'-שאן) בעשפרענקלונג; דאס בעשפריצען.

insphere' *v.* (אינ-ספיער') איינשליסען אין א קרייז.

in'-sphere *n.* (אינ'-ספיער) אן אריינגעשריבענער קרייז [א קרייז אריינגעשריבען אין אן אנדערער געאמעטרישער פיגור].

inspir'able *a.* (אינ-ספאיר'-עבל) וואס קען איינגעאטהעמט ווערען; וואס קען אינספירירט ווערען; וואס קען בעאיינפלוסט ווערען, וואס קומט דורך השפעה; וואס קען קריגען אן אנשטויס, וואס קען בעגייסטערט ווערען.

inspira'tion *n.* (אינ-ספי-ריי'-שאן) די איינאטהעמונג; אינספיראציאן, השפעה; דער איינפלוס פון רוח הקודש; בעגייסטערונג.

inspira'tional *a.* (אינ-ספי-ריי'-שאנ-על) וואס קומט פון אינספיראציאן אדער געטליכער השפעה; וואס איז אונטער דער ווירקונג פון רוח הקודש.

inspira'tionalist *n.* (אינ-ספי-ריי'-שאנ-על-איסט) איינער וואס בעגייסטערט אדער בעאיינפלוסט; איינער אונטער וועלכענס השפעה אנדערע געפינען זיך; איינער וואס בעהויפטעט צו ריידען ברוח הקודש.

inspira'tionally *adv.* (אינ-ספי-ריי'-שאנ-על-אי) דורך השפעה; דורך'ן רוח הקודש; דורך בעגייסטערונג.

inspira'tionist *n.* (אינ-ספי-ריי'-שאנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער געטליכער השפעה; איינער וואס גלויבט אז די הייליגע שריפטען זיינען געשריבען ברוח הקודש.

in'spirator *n.* (אינ'-ספי-ריי-טאר) אן אינסטרומענט איינצואטהעמען אדער אריינצוציהען לופט, גאז אדער פארע [דונסט]; אין א דאמפף-מאשין — א דאפעלטע פומפע [איין טייל פון דער פומפע ציהט ארויס דאס וואסער פון דעם רעזערוואואר און דער צווייטער טייל גיסט עס אריין אין קעסעל].

inspir'atory *a.* (אינ-ספאיר'-ע-טא-רי) וואס איז צום איינאטהעמען; אינספירירט. ז. *inspire*.

inspire' *v.* (אינ-ספאיר') איינאטהעמען; בעאיינפלוסען, בעגייסטערען; אינספירירען, שטעלען אונטער דער השפעה; שטעלען אונטער דעם איינפלוס פון דער געטליכער השפעה אדער פון רוח הקודש.

inspired' *a.* (אינ-ספאירד') איינגעאטהעמט; בעגייסטערט; אינספירירט. ז. *inspire*.

inspir'er *n.* (אינ-ספאיר'-ער) איינער וואס אינספירירט, וואס בעאיינפלוסט אדער בעגייסטערט צו עפעס.

inspir'ing *a.* (אינ-ספאיר'-אינג) בעאיינפלוסענד, בעגייסטערענד, אנשטעקענד [מיט געפיהלען, גלויבען א. ז. וו.]; אינספירירענד.

inspir'ingly *adv.* (אינ-ספאיר'-אינג-לי) דורך אינספיראציאן; דורך בעאיינפלוסונג אדער אנשטעקונג [מיט געפיהלען, גלויבען א. ז. וו.]; בעגייסטערענד.

inspir'it *v.* (אינ-ספיר'-איט) בעלעבען, אויפמונטערען.

inspis'sate *v. and a.* (אינ-ספיס'-אייט) געדיכט מאכען [פליסיגקייטען]; געמאכט געדיכט.

inspissa'tion *n.* (אינ-ספי-סיי'-שאן) דאס געדיכט מאכען אדער געדיכט ווערען [פון פליסיגקייטען].

in'-square *n.* (אינ'-סקוועהר) אן אריינגעשריבענער קוואדראט [א קוואדראט וואס איז אריינגעשריבען אין אן אנדערער געאמעטרישער פיגור].

inst. אן אבקירצונג פון *instant*.
Your letter of the 12th **inst.** is at hand.

instabil'ity *n.* (אינ-סטע-ביל'-אי-טי) אונבעשטענדיגקייט, ניט-פעסטקייט.

insta'ble *a.* (אינ-סטיי'-בל) אונבעשטענדיג, ניט פעסט.

instal' *v.* (אינ-סטאהל') ז. *install*.

install' *v.* (אינ-סטאהל') אינסטאלירען, איינפיהרען [אין אן אמט].

installa'tion *n.* (אינ-סטא-ליי'-שאן) אינסטאלירונג, איינפיהרונג [אין אן אמט].

install'ment *n.* (אינ-סטאהל'-מענט) אינסטאלירונג, איינפיהרונג [אין אן אמט]; ראטען-צאהלונג, ראטע; א טייל, א פארטזעצונג [פון עפעס וואס ווערט געגעבען טיילענווייז, ווי למשל, פון א בוך, פון אן ערצעהלונג א. ד. ג.].

instal'ment *n.* (אינ-סטאהל'-מענט) ז. *installment*.

instamp' *v.* (אינ-סטעמפ') איינדריקען, איינקריצען.

in'stance *n. and v.* (אינ'-סטענס) א פאל [א פאסירונג]; א ביישפיעל; דרינגליכקייט; אינסטאנץ; ברינגען אלס ביישפיעל.

in'stance court (אינ'-סטענס קאורט) א נאוויגאציאנס-געריכט, אן אבטיילונג פון דעם אמאליגען אדמיראליטעטס-געריכט אין ענגלאנד; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פעדעראלעס בעצירק-געריכט וואס בעשעפטיגט זיך מיט קלאגען וואס קומען ארויס פון נאוויגאציאן [שיפפאהרט].

in'stancy *n.* (אינ'-סטענ-סי) דרינגליכקייט.

in'stant *a. and n.* (אינ'-סטענט) באלדיג, איצטיג, געגענווערטיג, אויגענבליקליך; מאמענט, אויגענבליק, רגע; איצטיגע צייט, איצטיגער מאמענט.

instantane'ity *n.* (אינ-סטענ-טע-ני'-אי-טי) אויגענבליקליכקייט.

instanta'neous *a.* (אינ-סטענ-טיי'-ני-אס) אויגענבליקליך, מאמענטאל.

instanta'neously *adv.* (אינ-סטענ-טיי'-ני-אס-לי) אין איין מאמענט.

instanta'neousness *n.* (אינ-סטענ-טיי'-ני-אס-נעס) ז. *instantaneity*

instan'ter *adv.* (אינ-סטענ'-טער) באלד, די מינוט.

in'stantly *adv.* (אינ'-סטענט-לי) באלד; אויגענבליקליך.

instar' *v.* (אינ-סטאר') אויסשטערנען; איינפאסען אדער בעציערען מיט שטערען אדער ברילִיאנטען; מאכען ווי א שטערן, האלטען זעהר הויך.

instate' *v.* (אינ-סטייט') אינסטאלירען, איינשטעלען, עטאבלירען.

instate'ment *n.* (אינ-סטייט'-מענט) אינסטאלירונג, איינשטעלונג, עטאבלירונג.

in sta'tu quo (אין סטיי'-טיו קוואו) ווי געווען, אין דעמזעלבען צושטאנד.

instau'rate *v.* (אינ-סטאה'-רייט) רעס-טאורירען, ווידער-הערשטעלען, ווידער-בע-נייען, רעפארירען.

instaura'tion *n.* (אינ-סטאה-ריי'-שאן) רעסטאוראציאן, רעפארירונג, ווידער-הער-שטעלונג, ווידער-בענייאונג.

instead' *prep.* (אינ-סטעד') אנשטאט.

insteep' *v.* (אינ-סטיעפ') איינגעצען, איינטונקען; דורכנעצען מיט וואסער.

insteeped' *a.* (אינ-סטיעפט') איינגע-טונקט.

in'step *n.* (אינ'-סטעפ) דער אויבער-שטער אויסגעבויגענער טייל פון פוס-טראט פון א מענשליכען פוס; די פאדערשטע זייט פון פוס ביי א פערד צווישען קניע און קנעכעל.

in'stigate *v.* (אינ'-סטי-גייט) אנרייצען, אויפהעצען.

instiga'tion *n.* (אינ-סטי-גיי'-שאן) די אנרייצונג, די אויפהעצונג.

in'stigator *n.* (אינ'-סטי-גיי-טאר) אן אנרייצער, אן אויפהעצער.

instil' *v.* (אינ-סטיל') איינטריפען; אריינגיסען טראפענווייז; איינפליסען אין איינעם געדאנקען אדער געפיהלען; וויר-קען, אויפהעצען, אנרייצען.

instill' *v.* (אינ-סטיל') ז. *instil*

instilla'tion *n.* (אינ-סטי-ליי'-שאן) די איינטריפונג, דאס אריינגיסען טראפענ-ווייז; דאס איינפליסען אדער ווירקען אויף איינעם ביסלעכווייז; דאס אויפהעצען.

instill'er *n.* (אינ-סטיל'-ער) איינער וואס גיסט אריין טראפענווייז; איינער וואס פלאנצט איין אין צווייטען געוויסע געדאנקען אדער אידעען; אן אנרייצער, אן אויפהעצער.

instill'ment *n.* (אינ-סטיל'-מענט) דאס אריינטריפען; דאס אריינגיסען טראפענ-ווייז; דאס וואס ווערט אריינגעטריפט.

instil'ment *n.* (אינ-סטיל'-מענט) ז. *instillment*

in'stinct *n.* (אינ'-סטינקט) אן אינ-סטינקט, א נאטור-טריעב [אן אונבע-וואוסטזיניגע נאטירליכע אנרעגונג, וועלכע צווינגט א חיה צו טהאן געוויסע צוועקמע-סיגע טהאטען, וואס דיענען צו דערהאל-טען דאס לעבען פון אינדיווידואום אדער פון מין]; אן אינערליכע, אונמיטעלבארע [אהן דער הילף פון זינליכער ערפאהרונג] ערקענטניס-פעהיגקייט.

instinct' *a.* (אינ-סטינקט') אינערליך בעוועגט, אהן אן אויסערליכער קראפט אדער ווירקונג.

instinc'tive *a.* (אינ-סטינק'-טיוו) אינ-סטינקטיוו, וואס האט א נאטור-טריעב.

instinc'tively *adv.* (אינ-סטינק'-טיוו-לי) אינסטינקטיוו, דורך א נאטור-טריעב.

instinc'itve monoma'nia (אינ-סטינק'-טיוו מאנ-א-מיי'-ני-א) א משוגעת צו בעגעהן א געוויסען פערברעכען [ווי גנב'נען, מארדען א. ז. וו.].

in'stitute *v. and n.* (אינ'-סטי-טיוט) אינסטיטואירען, פעסטזעצען, עטאבלירען, פערארדנען [אן אונטערזוכונג], אנהוי-בען [א געריכטס-פראצעס]; איינשטעלען [אין א גייסטליכען אמט]; אן איינגע-פיהרטער פרינציפ, רעגעל אדער געזעץ; אן איינגעשטעלטע ארדנונג; אן אינסטי-טוט, א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט מיט ליטעראַרישע אדער וויסענשאפטליכע צוועקען.

in'stitutes *n.* (אינ'-סטי-טיוטס) סטאטו-טען, אינסטיטוציאנען [זאמלונגען פון גע-זעצען און תקנות].

institu'tion *n.* (אין-סטי-טיו'-שאן) אן אינסטיטוציאן, אן איינריכטונג; אן אנ-שטאלט; די איינזעצונג, די פערארדנונג; דאס איינשטעלען אדער איינפיהרען אין א גייסטליכען אמט; אן איינגעשטעלטע זאך, א מנהג; אן אינסטיטוט, א געזעלשאפטלי-כע קערפערשאפט מיט ליטעראַרישע אדער וויסענשאפטליכע צוועקען.

institu'tional *a.* (אינ-סטי-טיו'-שאנ-על) וואס געהערט צו עלעמענטארער אונ-טערריכט אדער בעלעהרונג; וואס איז איינגעשטעלט; וואס איז פעסטגעזעצט; וואס איז שייך צו אן אינסטיטוציאן אדער איינריכטונג.

institu'tionalism *n.* (אינ-סטי-טיו'-שאנ-על-איזם) אין טעאלאגיע — דער גייסט אדער די ריכטונג, וועלכע לעגט גרויס וויכטיגקייט אויף די רעליגיעזע אינ-סטיטוציאנען אדער איינריכטונגען.

institu'tionary *a.* (אינ-סטי-טיו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו אינסטיטוציאנען אדער איינריכטונגען; וואס ענטהאלט אן אנפאנגס-אונטערריכט; עלעמענטאר; וואס איז שייך צו דער איינפיהרונג אין א גייסטליכען אמט.

in'stitutive *a.* (אינ'-סטי-טיו-טיוו) עטאבלירענד, איינריכטענד; איינגעאר-דענט.

in'stitutor *n.* (אינ'-סטי-טיו-טאר) א גרינדער, אן איינריכטער; דער וואס פיהרט איין א גייסטליכען אין זיין אמט.

in'stitutor of law (אינ'-סטי-טיו-טאר אוו לאה) א געזעצגעבער.

in stock (אין סטאק) אויף לאגער.

in store (אין סטאור) אנגעגרייט.

in'stroke *n.* (אינ'-סטראוק) אין א דאמפף-מאשין — דער אריינשטויס [דער שטויס, ביי וועלכען דער קאלבען ווערט אריינגעשטויסען אין ציליגדער].

instruct' *v.* (אינ-סטראקט') אונטערריכ-טען, בעלעהרען; געבען אינסטרוקציאנען.

instruc'tion *n.* (אינ-סטראק'-שאן) אונ-טערריכט, די בעלעהרונג; אן אינסטרוק-ציאן, אן אנזאג.

instruc'tional *a.* (אינ-סטראק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו בילדונג אדער אויפ-קלערונג.

instruc'tive *a.* (אינ-סטראק'-טיוו) בע-לעהרענד.

instruc'tively *adv.* (אינ-סטראק'-טיוו-לי) אויף א בעלעהרענדען אופן.

instruc'tor *n.* (אינ-סטראק'-טאר) א לעהרער; איינער וואס גיט געוויסע ידיעות וועגען א זאך.

instruc'tress *n.* (אינ-סטראק'-טרעס) א לעהרערין.

in'strument *n.* (אינ'-סטרו-מענט) אן אינסטרומענט, א ווערקצייג, א געצייג; אן אקט, א פאפיער, א דאקומענט.

instrumen'tal *a.* (אינ-סטרו-מענ'-טעל) אינסטרומענטאל; וואס דיענט אלס ווערק-צייג; ניצליך פאר וועלכען ניט איז צוועק; וואס איז געמאכט אדער דורכגעפיהרט דורך אן אינסטרומענט.

instrumen'tal cause (אינ-סטרו-מענ'-טעל קאהז) די ווירקענדע אורזאכע.

instrumen'talist *n.* (אינ-סטרו-מענ'-טעל-איסט) איינער וואס שפיעלט אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט; איינער וואס פערריכט מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

instrumental'ity *n.* (אינ-סטרו-מענ-טעל'-אי-טי) דיענליכקייט, נוציגקייט פאר עפעס, ווירקונג.

instrumen'tally *adv.* (אינ-סטרו-מענ'-טעל-אי) אלס ווערקצייג, אלס מיטעל; מיט דער הילף פון אן אינסטרומענט.

instrumen'talness *n.* (אינ-סטרו-מענ'-טעל-נעס) ז. *instrumentality*

instrumenta'tion *n.* (אינ-סטרו-מענ-טיי'-שאן) דאס בענוצען אינסטרומענטען ביי דער ארבייט; דאס פערפאסען מוזיק פאר מוזיק-אינסטרומענטען, בעזונדערס פאר אן ארקעסטער.

in'strumentist *n.* (אינ'-סטרו-מענ-טיסט) איינער וואס שפיעלט אויף א מו-זיקאלישען אינסטרומענט; איינער וואס פערריכט מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

insubjec'tion *n.* (אינ-סאב-דזשעק'-שאן) אונגעהארכזאמקייט; דאס ניט פאל-גען די הערשענדע מאכט אדער דאס געזעץ.

insubmis'sion *n.* (אינ-סאב-מיש'-אן) אונגעהארכזאמקייט; ווידערשפעניגקייט; דאס ניט אנערקענען קיין אויבערהאר.

insubor'dinate *a.* (אינ-סאב-אר'-די-נייט) אונגעהארכזאם; וואס גיט זיך ניט אונטער אונטער דער הערשענדער מאכט אדער געזעץ.

insubordina'tion *n.* (אינ-סאב-אר-די-ניי'-שאן) אונגעהארכזאמקייט; דאס ניט פאלגען די הערשענדע מאכט אדער דאס געזעץ.

insubstan'tial *a.* (אינ-סאב-סטענ'-שעל) וואס איז ניט וועזענטליך; לייכט; אהן אן אינהאלט; אונווירקליך.

insubstantial'ity *n.* (אינ-סאב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאס ניט האבען קיין וועזען; דאס זיין אהן אן אינהאלט; אונ-ווירקליכקייט.

in succes'sion (אין סאק-סעש'-אן) איינס נאך'ן אנדערען; כסדר.

insuf'ferable *a.* (אינ-סאפ'-ער-עבל) אונערטרעגליך, וואס מען קען ניט דער-ליידען; וואס מען קען ניט אויסהאלטען.

insuf'ferably *adv.* (אינ-סאפ'-ער-ע-בלי) אויף אן אונערטרעגליכען אופן.

insuffi'cience *n.* (אינ-סא-פיש'-ענס) ניט-גענוגקייט; אונפעהיגקייט.

insuffi'ciency *n.* (אינ-סא-פיש'-ענ-סי) ז. *insufficience*

insuffi'cient *a.* (אינ-סא-פיש'-ענט) ניט גענוגענד; ניט קאמפעטענט, אונפע-היג.

insuffla'tion *n.* (אינ-סא-פליי'-שאן) די אנהויכונג; די איינהויכונג, די אריינ-בלאזונג.

in'sufflator *n.* (אינ'-סא-פליי-טאר) א מין בלאז-זאק; א מעדיצינישער אינ-סטרומענט אריינצובלאזען לופט אדער גאז אין קערפער.

insuitabil'ity *n.* (אינ-סיו-טע-ביל'-אי-טי) ניט-צוגעפאסטקייט, דאס זיין ניט צו-געפאסט.

in'sular *a. and n.* (אינ'-סיו-לאר) וואס איז שייך צו אן אינזעל; ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט וואסער; וואס איז אבגעזונדערט פון אלע אנדערע; וואס איז שייך צו אן איינוואהנער פון אן אינזעל אדער צו א מענשען וואס געפינט זיך אין אן אבגעזונדערטער לאגע; אן איינוואהנער פון אן אינזעל.

in'sularism *n.* (אינ'-סיו-לאר-איזם) דאס זיין אין אן אבגעזונדערטער לאגע; דאס פיהרען זיך מעשה ישוב'ניק.

insular'ity *n.* (אינ-סיו-לער'-אי-טי) די אינזעל=לאגע; שמאלקייט, בעגרענצטקייט.

in'sularly *adv.* (אינ'-סיו-לאר-לי) ווי אין אן אינזעל=לאגע.

in'sulate *v.* (אינ'-סיו-לייט) אויסבילדען אן אינזעל, ארומרינגלענדיג דאס ארט מיט וואסער; אבזונדערען, איזאלירען.

insula'tion *n.* (אינ-סיו-ליי'-שאן) די איזאלירונג, אבזונדערונג.

in'sulator *n.* (אינ'-סיו-ליי-טאר) אן איזולאטאר, א קערפער וואס לאזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט; איינס פון די גלעזערנע אדער פארצעלייענע בעכערלעך אויף די טעלעגראפען=סלופעס, צו וועלכע מען בעפעסטיגט די דראטען.

Insulator

in'sult *n.* (אינ'-סאלט) אן בעליידיגונג; אן איבערפאל, אן אטאקע.

insult' *v.* (אינ-סאלט') בעליידיגען; איבערפאלען; מאכען אן אטאקע [ניט לויט די קריעגס=כללים].

insul'table *a.* (אינ-סאל'-טעבל) וואס בעליידיגט זיך לייכט.

insul'ter *n.* (אינ-סאל'-טער) א בעליידיגער.

insul'ting *a.* (אינ-סאל'-טינג) בעליידיגענד.

insul'tingly *adv.* (אינ-סאל'-טינג-לי) מיט בעליידיגונג.

insuperabil'ity *n.* (אינ-סיו-פע-רע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען איבערגעשטיגען ווערען אדער בייגעקומען ווערען.

insu'perable *a.* (אינ-סיו'-פע-רעבל) וואס מען קען ניט איבערשטייגען אדער בייקומען.

insu'perableness *n.* (אינ-סיו'-פע-רעבל-נעס) ז. *insuperability*

insu'perably *adv.* (אינ-סיו'-פע-רע-בלי) ניט צום איבערשטייגען, ניט בייצוקומען.

insuppor'table *a.* (אינ-סא-פאור'-טעבל) אונערטרעגליך; אונאונטערשטיצבאר.

insuppor'tableness *n.* (אינ-סא-פאור'-טעבל-נעם) אונערטרעגליכקייט; אונמעגליכקייט צו ווערען אונטערשטיצט.

insuppor'tably *adv.* (אינ-סא-פאור'-טע-בלי) אויף אן אונערטרעגליכען אופן; אזוי אז עס זאל אונמעגליך זיין צו אונטערשטיצען.

insuppo'sable *a.* (אינ-סא-פאו'-זעבל) וואס מען קען ניט משער זיין; וואס לעגט זיך ניט אויף'ן שכל.

insuppress'ible *a.* (אינ-סא-פרעס'-איבל) וואס עס איז אונמעגליך צו אונטערדריקען, וואס מען קען ניט בעהאלטען אדער פערשווייגען.

insuppress'ibly *adv.* (אינ-סא-פרעס'-אי-בלי) ניט צו פערשווייגען, ניט צו בעהאלטען, ניט צו אונטערדריקען.

insuppress'ive *a.* (אינ-סא-פרעס'-איוו) ז. *insupressible*

insurabil'ity *n.* (אינ-שוהר-ע-ביל'-אי-טי) פערזיכערונגס=פעהיגקייט [דאס קענען אסעקורירט, פערסטראכירט אדער פערזיכערט ווערען פון פייער, שאדען א. ז. וו.].

insur'able *a.* (אינ-שוהר'-עבל) וואס קען אסעקורירט ווערען, פערסטראכירט ווערען אדער פערזיכערט ווערען [פון פייער, שאדען א. ד. ג.].

insur'able in'terest (אינ-שוהר'-עבל אינ'-טער-עסט) דאס וואס ווערט אסעקורירט אדער פערזיכערט [פון פייער, שאדען א. ד. ג.].

insur'ance *n.* (אינ-שוהר'-ענס) פערזיכערונג, אסעקוראנץ [פון פייער, שאדען א. ז. וו.]; א פערזיכערונגס=פאליסע [א קאנטראקט צווישען דעם פערזיכערטען און דער פערזיכערונגס=געזעלשאפט]; די פערזיכערונגס=פרעמיום [דאס געצאהלט פאר פערזיכערונג].

insur'ance a'gent (אינ-שוהר'-ענס איי'-דזשענט) אן אגענט פון א פערזיכערונגס=געזעלשאפט [וואס אסעקורירט פון פייער, שאדען, אויף'ן פאל פון טויט א. ד. ג.].

insur'ance bro'ker (אינ-שוהר'-ענס בראו'-קער) א פערזיכערונגס=מעקלער, אן אגענט פון א פערזיכערונגס=געזעלשאפט.

insur'ance commis'sioner (אינ-שוהר'-ענס קא-מיש'-אנ-ער) א פערזיכערונגס=קאמיסיאנער [אין איינִיגע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שטאאט=בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער די פערזיכערונגס=געזעלשאפטען].

insur'ance com'pany (אינ-שוהר'-ענס קאמ'-פע-ני) א פערזיכערונגס=געזעלשאפט [פון פייער, שאדען, אויף'ן פאל פון טויט א. ד. ג.].

insur'ance pol'icy (אינ-שוהר'-ענס פאל'-אי-סי) א פערזיכערונגס=פאליסע [א קאנטראקט צווישען דעם פערזיכערטען און דער פערזיכערונגס=געזעלשאפט].

insure' *v.* (אינ-שוהר') גאראנטירען, פעסטשטעלען, מאכען געוויס אדער זיכער; אסעקורירען, פערזיכערען [פון פייער, שאדען, אויף'ן פאל פון טויט א. ד. ג.].

insur'er *n.* (אינ-שוהר'-ער) איינער וואס גאראנטירט; איינער וואס אסעקורירט אדער פערזיכערט [פון פייער, שאדען א. ד. ג.].

insurge' *v.* (אינ-סוירדזש') אויפהעצען צו אן אויפשטאנד, ארויסרופען א בונט.

insur'gence *n.* (אינ-סויר'-דזשענס) ז. *insurgency*

insur'gency *n.* (אינ-סויר'-דזשענ-סי) אן אויפשטאנד, א בונט.

insur'gent *a. and n.* (אינ-סויר'-דזשענט) מאכענדיג אן אויפשטאנד, בונטעווענדיג; א בונטאווטשיק, איינער וואס מאכט אן אויפשטאנד אדער א בונט.

insurmountabil'ity *n.* (אינ-סויר-מאונ-טע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען איבערגעשטיגען אדער בייגעקומען ווערען.

insurmoun'table *a.* (אינ-סויר-מאונ'-טעבל) וואס קען ניט איבערגעשטיגען ווערען, וואס מען קען ניט בייקומען.

insurmoun'tableness *n.* (אינ-סויר-מאונ'-טעבל-נעס) ז. *insurmountability*

insurmoun'tably *adv.* (אינ-סויר-מאונ'-טע-בלי) ניט צום איבערשטייגען, ניט בייצוקומען.

insurrect' *v.* (אינ-סא-רעקט') זיך בונטעווען, מאכען אן אויפשטאנד.

insurrec'tion *n.* (אינ-סא-רעק'-שאן) אן אויפשטאנד, א בונט.

insurrec'tional *a.* (אינ-סא-רעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אויפשטאנד; רעוואלוציאנער, בונטעווענד זיך.

insurrec'tionary *a.* (אינ-סא-רעק'-שאנ-ע-רי) ז. *insurrectional*

insurrec'tionist *n.* (אינ-סא-רעק'-שאנ-איסט) איינער וואס מאכט אן אויפשטאנד; א בונטאווטשיק.

insusceptibil'ity *n.* (אינ-סא-סעפ-טי-ביל'-אי-טי) אונעמפפינדליכקייט; דאס זיין ניט אונטערגעווארפען צו דער ווירקונג פון עפעס.

insuscep'tible *a.* (אינ-סא-סעפ'-טיבל) אונעמפפינדליך; ניט אונטערגעווארפען צו דער ווירקונג פון עפעס.

insuscep'tive *a.* (אינ-סא-סעפ'-טיוו) ז. *insusceptible*

inswathe' *v.* (אינ-סהווייטה') איינהילען, איינוויקלען.

int. אן אבקירצונג פון די ווערטער: *interest, introduction* אדער *interjection*

intact' *a.* (אינ-טעקט') ניט=געריהרט, גאנץ, ניט=בעשעדיגט.

intac'table *a.* (אינ-טעק'-טעבל) אונפיהלבאר, וואס מען קען ניט פיהלען אדער אנטאפען.

intac'tible *a.* (אינ-טעק'-טיבל) ז. *intactable*

intac'tile *a.* (אינ-טעק'-טיל) אונפיהלבאר, וואס מען קען ניט פיהלען אדער אנטאפען.

intact'ness *n.* (אינ-טעקט'-נעס) גאנצקייט, פאלקאמענהייט, ניט=געריהרטקייט, אונבעשעדיגטקייט.

intagl'io *n. and v.* (אינ-טעל'-יאו) אן איינגראווירונג, אן איינגעשניטענע פיגור, צייכנונג א. ד. ג. [אין געגענזאץ צו רעליעפע אדער בולט'ע פערציערונגען]; אן עדעלשטיין מיט אן איינגעשניטענער פיגור אדער צייכנונג; אן איינגראווירונג וואס דיענט אלס מיטעל אבצוגיסען דיעזעלבע צייכנונג אין רעליעף; איינגראווירען; מאכען בולט'ע פיגורען מיט דער הילף פון אן איינגראווירונג.

in'take *n.* (אינ'-טייק) דאס אריינגעהמען אינוועניג; דאס וואס ווערט אריינגענומען אדער אריינגעצויגען אינוועניג; די איינפלוס=עפנונג [פון א רעהר]; דער לופטשטראם וואס ווערט אריינגעלאזען פון אויסען אין א שאכטע.

in'taker *n.* (אינ'-טיי-קער) איינער אדער עטוואס וואס נעהמט אריין אדער ציהט אריין.

intangibil'ity *n.* (אינ-טענ-דזשי-ביל'-אי-טי) אונפיהלבארקייט, אונבעריהרבארקייט; דאס ניט לאזען זיך פיהלען ביים אנריהרען; דאס ניט קענען בעגריפען ווערען.

intan'gible *a.* (אינ-טענ'-דזשיבל) אונפיהלבאר, אונבעריהרבאר; וואס לאזט זיך ניט פיהלען ביים אנריהרען; ניט צו בענעהמען, ניט צו בעגרייפען.

intan'gibleness *n.* (אינ-טענ'-דזשיבל-נעס) ז. *intangibility*

intan'gibly *adv.* (אינ-טענ'-דזשי-בלי) אויף אן אונבעריהרבארען אדער אונפיהלבארען אופן; ניט צו בענעהמען, ניט צו בעגרייפען.

in'teger *n.* (אינ'-טי-דזשער) דאס גאנצע; א גאנצע צאהל [ניט קיין ברוך=צאהל].

integrabil'ity *n.* (אינ-טי-גרע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אינטעגרירט ווערען. ז. *integral*.

in'tegrable *a.* (אינ'-טי-גרעבל) וואס מען קען אינטעגרירען. ז. *integral*.

in'tegral *a. and n.* (אינ'-טי-גרעל) וואס איז שייך צו א גאנצע, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע טיילען [ווי א מענשליכער קערפער איז צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע אברים]; וואס איז ניט פאנאנדערגעטיילט; גאנץ, פאלשטענדיג; וואס איז אינערליך פערבונדען מיט דאס גאנצע און איז ניט א פשוט'ע צוגעבונג; אין מאטעמאטיק — וואס בעלאנגט צו א גאנצע צאהל [ניט צו א ברוך-צאהל]; א גאנצע זאך אדער צאהל וואס בעשטעהט פון בעזונדערע טיילען; אן אינטעגראל, א פונקציאן פון פערענדערליכע גרעסען, וועלכע בלייבט קאנסטאנט [שטענדיג, ניט געענדערט]. אן אינטעגראל ווערט בעטראכט אלס די סומע פון דיפערענציאלען. ווען א קערפער צום ביישפיעל לויפט דורך א שטרעקע מיט א געשווינדיגקייט, וועלכע האלט זיך אין ענדערען לויט געוויסע פיזיקאלישע געזעצען [ווי א קויל פון א ביקס, א געווארפענער שטיין א. ד. ג.], דאן איז די דורכגעלאפענע שטרעקע — די סומע פון א סעריע אונענדליך קליינע שטרעקען, וועלכע קענען יעדע בעזונדער בעטראכט ווערען אלס אזעלכע, וואו די געשווינדיגקייט פון דעם לויפענדען קערפער איז אין אונענדליך קליינע צייט-פעריאדען א גלייכמעסיגע און ניט קיין פערענדערליכע.

in'tegral cal'culus (אינ'-טי-גרעל קעל'-קיו-לאס) אינטעגראל-רעכנונג, דער טייל פון העכערער מאטעמאטיק וועלכע פערנעהמט זיך מיט אויסרעכנען די פונקציאנען פון געוויסע גרעסען לויט זייערע דיפערענציאלען, ווי אויך מיט אויסרעכנען פלעכען, וועלכע זיינען בעגרענעצט מיט קרומע ליניען, אדער אן אומפאנג, וועלכער איז בעגרענעצט מיט קרומע אויסגעבויגענע פלעכען. ז. *differential calculus*.

integral'ity *n.* (אינ-טי-גרעל'-אי-טי) גאנצהייט, געזאמטהייט, פאלשטענדיגקייט.

in'tegrally *adv.* (אינ'-טי-גרעל-אי) מיט דער גאנצער צאהל; פאלשטענדיג, אין גאנצען.

in'tegrant *a. and n.* (אינ'-טי-גרענט) ערגענצענד, וואס בילדעט אויס א גאנצע זאך פון בעזונדערע טיילען; אן אינטעגראלער טייל, א טייל פון א גאנצער זאך [ווי די האנד איז אן אינטעגראלער טייל פון קערפער].

in'tegrate *v. and a.* (אינ'-טי-גרייט) אינטעגרירען, צוזאמענגעהמען די בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע; ערגענצען, פערפאלשטענדיגען; צוזאמענגענומען; ערגענצט, פאלשטענדיג.

integra'tion *n.* (אינ-טי-גריי'-שאן) דאס אינטעגרירען, דאס צוזאמענגעהמען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע; ערגענצונג, די פערפאלשטענדיגונג; אין מאטעמאטיק — די אינטעגראציאן, דאס געפינען דעם אינטעגראל. ז. *integral*.

integ'rity *n.* (אינ-טעג'-רי-טי) גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט; עהרליכקייט, תמימות; עכטקייט, ריינקייט.

integ'ument *n.* (אינ-טעג'-יו-מענט) דאס וואס בעדעקט די אויסערליכע זייט, ווי א הויט אדער פעל בעדעקט דעם קערפער.

integumen'tary *a.* (אינ-טעג-יו-מענ'-טע-רי) וואס בעדעקט, וואס הילט איין [ווי די הויט וואס בעדעקט דעם קערפער]; וואס איז שייך צו דער אויסערליכער דעקע [ווי די הויט אדער פעל].

integumenta'tion *n.* (אינ-טעג-יו-מען-טיי'-שאן) דאס בעדעקען זיך [ווי מיט א הויט אדער פעל].

in'tellect *n.* (אינ'-טע-לעקט) אינטעלעקט, פערשטאנד, דאס ערקענטניס-פערמעגען, אורטייל-קראפט; דער גייסט.

intellec'tion *n.* (אינ-טע-לעק'-שאן) דאס פערשטעהן, דאס בעגרייפען; די פעהיגקייט צו דענקען.

intellec'tive *a.* (אינ-טע-לעק'-טיוו) וואס איז שייך צום אינטעלעקט אדער פערשטאנדניס-פעהיגקייט; וואס קען בעגריפען ווערען נור מיט'ן שכל און ניט דורך די חושים.

intellec'tual *a. and n.* (אינ-טע-לעק'-טשו-על) אינטעלעקטועל; וואס איז שייך צום אינטעלעקט אדער פערשטאנד; וואס קען בעגריפען ווערען דורך'ן שכל; גייסטיג, אידעעל; וואס האט א פערשטאנד.

intellec'tualism *n.* (אינ-טע-לעק'-טשו-על-איזם) פערשטאנדס-קראפט, דענקונגס-פעהיגקייט; קאפ-ארבייט; אינטעליגענץ; איבערגעבענהייט צו גייסטיגער ארבייט; דער אינטעלעקטואליזם, די פילאזאפישע לעהרע, אז דער שכל איז דער איינציגער קוואל פון וויסען.

intellec'tualist *n.* (אינ-טע-לעק'-טשו-על-איסט) אן אינטעלעקטואליסט, איינער וועלכער האלט, אז בלויז דער שכל און ניט די חושים איז דער איינציגער קוואל פון אונזער וויסען.

intellectual'ity *n.* (אינ-טע-לעק-טשו-על'-אי-טי) אינטעליגענץ, גייסטעס-קראפט, גייסטיגקייט.

intellectualiza'tion *n.* (אינ-טע-לעק-טשו-על-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אינטעלעקטועל, דאס ענטוויקלען דעם גייסט.

intellec'tualize *v.* (אינ-טע-לעק'-טשו-על-איז) מאכען אינטעלעקטועל, ענטוויקלען דעם גייסט; אידעאליזירען.

intellec'tually *adv.* (אינ-טע-לעק'-טשו-על-אי) בנוגע צום אינטעלעקט; מיט פערשטאנד, דורך'ן שכל.

intel'ligence *n.* (אינ-טעל'-אי-דזשענס) אינטעליגענץ, שכל, פערשטאנד, ערקענטניס-קראפט; די פעהיגקייט צו פערשטעהן; איינפערשטענדניס, דאס פערשטעהן איינער דעם אנדערען; נייעס, א נאכריכט, א מיטטיילונג; א גייסטיגע זאך, א זאך וואס מען קען בעגרייפען נור מיט'ן שכל.

intel'ligence of'fice (אינ-טעל'-אי-דזשענס אפ'-איס) אן אדרעס-ביורא, א ביורא, וואו מען קען קריגען די אדרעסען פון מענשען און אנדערע ידיעות.

intel'ligencer *n.* (אינ-טעל'-אי-דזשענסער) א נאכריכט-געבער, א ידיעה-געבער.

intel'ligent *a.* (אינ-טעל'-אי-דזשענט) אינטעליגענט, פערשטענדיג; ערפאהרען.

intelligen'tial *a.* (אינ-טעל-אי-דזשען'-שעל) פערנינפטיג, פערשטענדיג, גייסטיג, דייטליך.

intel'ligently *adv.* (אינ-טעל'-אי-דזשענט-לי) אויף אן אינטעליגענטען, פערשטענדיגען אופן.

intelligibil'ity *n.* (אינ-טעל-אי-דזשי-ביל'-אי-טי) פערשטענדליכקייט, בעגרייפליכקייט, דייטליכקייט, קלארקייט פון געדאנק.

intel'ligible *a.* (אינ-טעל'-אי-דזשיבל) פערשטענדליך, בעגרייפליך, דייטליך, קלאר; אין פילאזאפיע — וואס קען בעגריפען ווערען נור מיט'ן פערשטאנד, אבער ניט דורך די חושים.

intel'ligibleness *n.* (אינ-טעל'-אי-דזשיבל-נעס) ז. *intelligibility*.

intel'ligibly *adv.* (אינ-טעל'-אי-דזשי-בלי) אויף א פערשטענדליכען, דייטליכען אדער קלארען אופן.

intem'perament *n.* (אינ-טעמ'-פער-ע-מענט) דאס ניט פיהלען זיך גוט, דאס זיין ניט אין גאנצען געזונד.

intem'perance *n.* (אינ-טעמ'-פער-ענס) אונמעסיגקייט, ניט-איינגעהאלטענקייט; דאס האבען א חשק צו אלקאהאל-געטרענקע.

intem'perant *n.* (אינ-טעמ'-פער-ענט) אן אונמעסיגער, ניט איינגעהאלטענער מענש; א ליעבהאבער פון אלקאהאל-געטרענקע.

intem'perate *a.* (אינ-טעמ'-פער-אייט) ניט מעסיג, איבערמעסיג; ניט איינגעהאלטען; וואס ליעבט אלקאהאל-געטרענקע.

intem'perately *adv.* (אינ-טעמ'-פער-אייט-לי) אויף אן אונמעסיגען, ניט איינגעהאלטענעם שטייגער.

intem'perateness *n.* (אינ-טעמ'-פער-אייט-נעס) אונמעסיגקייט אין עסען אדער טרינקען; איבערמעסיגקייט.

in tem'po (אין טעמ'-פאו) אין מוזיק — אין שטרענגען ריטם.

intend' *v.* (אינ-טענד') בעשטימען; האבען אין זינען; בעאבזיכטיגען, רעכענען; מיינען.

inten'dance *n.* (אינ-טענ'-דענס) ז. *intendancy*.

inten'dancy *n.* (אינ-טענ'-דענ-סי) אויפזעהונג, השגחה; דאס אמט פון אן אויפזעהער; דאס ארט אדער בעצירק, איבער וועלכען אן אינטענדאנט האט אויפזיכט.

inten'dant *n.* (אינ-טענ'-דענט) אן אויפזעהער; אן אינטענדאנט, א פערוואלטער איבער געוויסען פערמעגען, וואס בעלאנגט צו דער רעגיערונג.

inten'ded *a. and n.* (אינ-טענ'-דעד) בעאבזיכטיגט; וואס מען האט געמיינט; וואס מען האט געהאלטען אין זינען; וואס איז בעשטימט פאר א געוויסען צוועק; דער זיווג, דער חתן אדער די כלה.

inten'dedly *adv.* (אינ-טענ'-דעד-לי) אבזיכטליך, מיט א כיוון.

inten'dent *n.* (אינ-טענ'-דענט) ז. *intendant*.

inten'der *n.* (אינ-טענ'-דער) איינער וואס בעאבזיכטיגט אדער רעכענט עפעס צו טהאן.

inten'ding *a.* (אינ-טענ'-דינג) בעאבזיכטיגענד, האבענד אין זינען, רעכענענד.

intend'ment *n.* (אינ-טענד'-מענט) די ריכטיגע מיינונג, דער ריכטיגער זין פון עפעס.

inten'erate *v.* (אינ-טענ'-ע-רייט) מאכען ווייך.

intenera'tion *n.* (אינ-טענ-ע-ריי'-שאן) דאס מאכען ווייך אדער צארט.

intense' *a.* (אינ-טענס') אנגעשטרענגט, געשפאנט; שטארק, קרעפטיג, העפטיג.

intense'ly *adv.* (אינ-טענס'-לי) מיט שפאנונג, מיט אנשטרענגונג.

intense'ness *n.* (אינ-טענס'-נעס) אנשטרענגונג, שטארקייט, קראפט.

intensifica'tion *n.* (אינ-טענ-סי-פי-

קיי'-שאַן) די פערשטאַרקונג [ווי פון היץ, פאַרבען א. ז. וו.]

inten'sifier *n.* (אינ-טענ'-סי-פאַי-ער) דער אדער דאָס וואָס פערשטאַרקט אדער מאַכט העפטיגער; אַן אַפּאַראַט צו פערשטאַרקען דעם דרוק אויף אַ מאַסע פון צונויפגעפּרעסטער לופט אדער פליסיגקייט; אין פאָטאָגראַפיע — אַ כעמישער פּראָדוקט, וועלכער פערשטאַרקט די טונקעלקייט פון נעגאַטיוו.

inten'sify *v.* (אינ-טענ'-סי-פאַי) מאַכען מעהר אַנגעשטרענגט; מאַכען מעהר שפּאַנענד.

inten'sion *n.* (אינ-טענ'-שאַן) אַנשטרענגונג, אינטענזיוויטעט, פערשטאַרקונג.

inten'sity *n.* (אינ-טענ'-סי-טי) די אַנשטרענגונג, שפּאַנונג; די אינערליכע שטאַרקייט; אינטענזיוויטעט, אַ הויכער גראַד פון אַ געוויסער קראַפט.

inten'sive *a. and n.* (אינ-טענ'-סיוו) אינטענזיוו, אַנגעשטרענגט, געשפּאַנט; דאָס וואָס מאַכט אַנגעשטרענגט אדער העפטיג.

inten'sively *adv.* (אינ-טענ'-סיוו-לי) אויף אַן אינטענזיווען, שטאַרקען אדער אַנגעשטרענגטען שטייגער.

inten'siveness *n.* (אינ-טענ'-סיוו-נעס) שטאַרקייט, אַנגעשטרענגטקייט, אינטענזיוויטעט.

intent' *a. and n.* (אינ-טענט') וואָס האָט דעם צוועק אדער די אַבזיכט פון עפּעס; וואָס איז געריכטעט צו אַ געוויסען פּאַרויסבעטראַכטען פּונקט; אַנגעשטרענגט אויפמערקזאַם אדער פערטהאַן; אַבזיכט, כונה.

inten'tion *n.* (אינ-טענ'-שאַן) אַ מיין, אַן אַבזיכט, אַ צוועק.

inten'tional *a.* (אינ-טענ'-שאַנ-על) אַבזיכטליך, בעאַבזיכטיגט.

intentional'ity *n.* (אינ-טענ-שאַנ-על'-אי-טי) אַבזיכטליכקייט, כונה.

inten'tionally *adv.* (אינ-טענ'-שאַנ-על-אי) מיט אַבזיכט, בכיון, ניט צופעליג.

inten'tioned *a.* (אינ-טענ'-שאַנד) בעאַבזיכטיגט, געמיינט.

intent'ly *adv.* (אינ-טענט'-לי) מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט שפּאַנונג.

intent'ness *n.* (אינ-טענט'-נעס) אַנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט.

inter' *v.* (אינ-טויר') בעגראָבען, בעערדיגען.

interact' *n. and v.* (אינ-טער-עקט') אַנטראַקט, צווישען-צייט, צווישען-אַקט, צווישען-האַנדלונג [צווישען די אַקטען פון אַ דראַמאַ]; געגענזייטיג ווירקען.

interac'tion *n.* (אינ-טער-עק'-שאַן) געגענזייטיגע ווירקונג.

interac'tive *a.* (אינ-טער-עק'-טיוו) געגענזייטיג ווירקענד.

interad'ditive *a.* (אינ-טער-עד'-אי-טיוו) וואָס ווערט אַריינגעגעבען אין מיטען [ווי למשל אַ בעמערקונג אין קלאַמערען אדער האַלבע לבנות אין אַ זאַץ].

intera'gency *n.* (אינ-טער-איי'-דזשענ-סי) פערמיטלונג.

intera'gent *n.* (אינ-טער-איי'-דזשענט) אַ פערמיטלער.

interam'nian *a.* (אינ-טער-עמ'-ני-ען) וואָס געפינט זיך צווישען צוויי טייכען [הויפּטזעכליך וועגען אַרם נהרים וואָס ליעגט צווישען די טייכען חדקל און פּרת].

interan'imate *v.* (אינ-טער-ענ'-אי-מייט) געגענזייטיג זיך בעלעבען אדער אויפמונטערען.

interartic'ular *a.* (אינ-טער-אַר-טיק'-יו-לאַר) וואָס געפינט זיך אין אַ געלענק.

interas'tral *a.* (אינ-טער-עס'-טרעל) וואָס געפינט זיך צווישען די שטערען.

interax'al *a.* (אינ-טער-עק'-סעל) אין אַרכיטעקטור — וואָס געפינט זיך אין שטח צווישען די צענטער-ליניען פון אַ זייל.

interax'illary *a.* (אינ-טער-עק'-סי-לע-רי) וואָס געפינט זיך צווישען בלעטער-ווינקלען [די ווינקלען וואָס די בלעטער פון אַ פלאַנצע בילדען מיט'ן שטאַם].

interax'is *n.* (אינ-טער-עק'-סיס) אין אַרכיטעקטור — דער שטח צווישען די צענטער-ליניען פון זיילען. ז. *axis*

interblend' *v.* (אינ-טער-בלענד') צוזאַמענגיסען, צוזאַמענמישען.

interbor'ough *a.* (אינ-טער-באַר'-אָו) וואָס געפינט זיך צווישען די שטאָדט-בעצירקען, וואָס פערבינדט די שטאָדט-בעצירקען.

interbreed' *v.* (אינ-טער-בריעד') קרייצען, צוזאַמענפּאָרען פערשיעדענע מינים חיות.

interbree'ding *n.* (אינ-טער-בריע'-דינג) קרייצונג, געמישטע צוזאַמענפּאָרונג [פון חיות פון פערשיעדענע מינים].

inter'calar *a.* (אינ-טויר'-קע-לאַר) ז. *intercalary*

inter'calary *a.* (אינ-טויר'-קע-לע-רי) וואָס ווערט צוגעגעבען, אום צו מאַכען פּאַלשטענדיג די צייטרעכנונג [ווי דער 29טער טאָג וואָס ווערט צוגעגעבען צום מאָנאַט פעברואַר אין אַ קריסטליכען עבור-יאָהר אדער דער מאָנאַט ואדר וואָס ווערט צוגעגעבען אין אידישען עבור-יאָהר]; וואָס געפינט זיך צווישען אַנדערע [וועגען ערד-שיכטען]; וואָס שטעלט מיט זיך פּאָר אַן איבערגאַנגס-שטופע [אין ביאָלאָגיע].

inter'calary days (אינ-טויר'-קע-לע-רי דייז) צוגעגעבענע טעג [אום אויסצוגלייכען די צייטרעכנונג, ווי למשל, דער 29טער פעברואַר אין אַ קריסטליכען עבור-יאָהר אדער די טעג פון מאָנאַט ואדר אין אַ אידישען עבור-יאָהר]; די פרייע טעג, די איבערגאַנגס-טעג [צווישען קריזיס-שטופען פון אַ קראַנקהייט].

inter'calary verse (אינ-טויר'-קע-לע-רי וואירס) אַ רעפריין [אַ טייל פון אַ ליעד וואָס ווידערהאָלט זיך נאָך יעדען פּערז].

inter'calary year (אינ-טויר'-קע-לע-רי ייהר) אַן עבור-יאָהר.

inter'calate *v.* (אינ-טויר'-קע-לייט) צוגעבען, אַריינשטעלען אין מיטען צווישען אַנדערע זאַכען; צוגעבען טעג צו אַ מאָנאַט אדער צום יאָהר. ז. *intercalary*

inter'calated *a.* (אינ-טויר'-קע-ליי-טעד) אַריינגעשטעלט, צוגעגעבען.

inter'calated sen'tence (אינ-טויר'-קע-ליי-טעד סענ'-טענס) אַן אַריינגעשטעלטער זאַץ, אַ זאַץ וואָס ווערט אַריינגעשטעלט אַלס זייטיגע בעמערקונג [אין קלאַמערען אדער האַלבע לבנות].

intercala'tion *n.* (אינ-טער-קע-ליי'-שאַן) אַריינשטעלונג, צושטעלונג אדער צוגעבונג אין מיטען; צוגעבונג פון טעג, אום אויסצוגלייכען די צייטרעכנונג. ז. *intercalary*

intercap'illary *a.* (אינ-טער-קעפּ'-אי-לע-רי) וואָס געפינט זיך צווישען די האָר-דינע בלוט-אָדערלעך פון קערפּער.

intercede' *v.* (אינ-טער-סיעד') פערמיטלען, זיך אַריינמישען, זיך אַריינלעגען אין שלום, בעטען פאַר אימעצען; זיין אַ מליץ יושר פאַר אימעצען.

interce'dent *a.* (אינ-טער-סי'-דענט) זיך אַריינמישענד, פערמיטלענד, בעטענד אדער זייענד אַ מליץ יושר פאַר אימעצען.

interce'dently *adv.* (אינ-טער-סי'-דענט-לי) דורך אַריינמישען זיך; דורך פערמיטלונג; בעטענדיג פאַר אימעצען.

interce'der *n.* (אינ-טער-סי'-דער) אַ מליץ, אַ פערמיטלער; איינער וואָס מישט זיך אַריין [צווישען שטרייטענדע צדדים], איינער וואָס לעגט זיך אַריין אין שלום.

intercel'lular *a.* (אינ-טער-סעל'-יו-לאַר) וואָס געפינט זיך צווישען די צעלען.

intercept' *v.* (אינ-טער-סעפּט') איבערנעהמען [אין מיטען וועג]; אונטערברעכען; פערהאַלטען; אין מאַטעמאַטיק — איינשליסען.

in'tercept *n.* (אינ'-טער-סעפּט) דאָס וואָס ווערט איבערגענומען אדער פערהאַלטען; אין געאָמעטריע — דער טייל פון אַ ליניע וואָס געפינט זיך צווישען צוויי פּונקטען, אין וועלכע די ליניע ווערט איבערגעהאַקט פון אַנדערע צוויי ליניעס, פון אַ קרייז א. ז. וו.

intercep'ter *n.* (אינ-טער-סעפּ'-טער) איינער וואָס נעהמט איבער [אין מיטען וועג]; איינער וואָס פערשטעלט דעם וועג אדער שטערט; אַ געגנער.

intercep'tion *n.* (אינ-טער-סעפּ'-שאַן) איבערנעהמונג [אין מיטען וועג]; אונטערברעכונג; שטערונג, אַבהאַלטונג.

intercep'tive *a.* (אינ-טער-סעפּ'-טיוו) איבערנעהמענד [אין מיטען וועג], אונטערברעכענד, שטערענד, אַבהאַלטענד.

intercept' the trade (אינ-טער-סעפּט' טהי טרייד) שאַדען דעם האַנדעל, אַבברעכען דעם האַנדעל.

interces'sion *n.* (אינ-טער-סעש'-אַן) די פערמיטלונג; דאָס אַריינמישען זיך; דאָס אַריינלעגען זיך אין שלום; דאָס בעטען פאַר [אדער געגען] אימעצען; דאָס זיין אַ מליץ פאַר אימעצען.

interces'sional *a.* (אינ-טער-סעש'-אַנ-על) וואָס ענטהאַלט אַ בקשה [פאַר אימעצען].

interces'sor *n.* (אינ-טער-סעס'-אָר) ז. *interceder*

interces'sory *a.* (אינ-טער-סעס'-אָ-רי) פערמיטלעריש; פערמיטלענד; זיך אַריינמישענד, זיך אַריינלעגענד אין שלום; בעטענד פאַר אימעצען, אַרויסטרעטענד אַלס מליץ פאַר אימעצען.

interchain' *v.* (אינ-טער-טשיין') צוזאַמענקייטען, שטייף פעראייניגען.

interchange' *v.* (אינ-טער-טשיינדזש') בייטען זיך איינער מיט דעם אַנדערען; אויסטוישען, אויסוועקסלען; אויסבייטען אויף עפּעס; נאָכפאָלגען איינער נאָך'ן אַנדערען אַזוי, אַז פריהער געהט דער ערשטער, נאָכדעם — דער צווייטער, נאָכדעם — ווידער דער ערשטער א. ז. וו.

in'terchange *n.* (אינ'-טער-טשיינדזש) דאָס בייטען זיך איינער מיט'ן אַנדערען;

אן אבוועקסלונג, אן איבערבייטונג, אן אויסטויש; דאס בייטען זיך איינער מיט'ן אנדערען אין שטענדיגען גאנג [ווי טאג בייט זיך כסדר מיט נאכט].

interchangeabil'ity *n.* (אינ-טער-טשיינ-דזשע-ביל'-אי-טי) די אויסטוישבארקייט, דאס קענען אויסגעביטען ווערען; די אבוועקסלונג, דער טויש.

interchan'geable *a.* (אינ-טער-טשיינ'-דזשעבל) וואס קען אויסגעביטען ווערען; אבוועקסלענד, איבערבייטענד; אויסבייטענד, אויסטוישענד; וואס ערשיינען כסדר איינס נאך'ן אנדערען [ווי טאג און נאכט].

interchan'geableness *n.* (אינ-טער-טשיינ'-דזשעבל-נעס) דאס קענען אויסגעביטען אדער צובייטען ווערען.

interchan'geably *adv.* (אינ-טער-טשיינ'-דזשע-בלי) ערשיינענדיג כסדר איינס נאך'ן אנדערען [ווי טאג און נאכט]; וועקסעלזייטיג.

interchange'ment *n.* (אינ-טער-טשיינדזש'-מענט) דער אויסטויש.

interchange' vis'its (אינ-טער-טשיינדזש' וויז'-איטס) בייטען זיך מיט וויזיטען, בעזוכען איינער דעם אנדערען.

intercip'ient *a. and n.* (אינ-טער-סיפ'-אי-ענט) וואס האלט אויף, וואס פערהאלט; איינער אדער עטוואס וואס פערהאלט אדער שטעלט אב אין מיטען וועג.

interclavic'ular *a.* (אינ-טער-קלע-וויק'-יו-לער) וואס געפינט זיך צווישען די שליסעלביינער [די ביינער וואס פעראייניגען דעם אקסעל מיט די ברוסטביינער].

interclose' *v.* (אינ-טער-קלאוז') איינשליסען.

interclude' *v.* (אינ-טער-קלוהד') פערשפארען; אונטערברעכען, פערהאלטען.

intercolle'giate *a.* (אינ-טער-קא-לי'-דזשי-אייט) צווישען די אוניווערזיטעטען; וואס איז שייך צו פערשיעדענע העכערע שוהלען.

Our college participates in intercollegiate athletics.

intercolo'nial *a.* (אינ-טער-קא-לאו'-ני-על) וואס געהערט צו א פערקעהר צווישען קאלאניען.

intercolum'nar *a.* (אינ-טער-קא-לאמ'-נער) וואס געפינט זיך צווישען זיילען.

intercolumnia'tion *n.* (אינ-טער-קא-לאמ-ני-איי'-שאן) דער לעדיגער ארט צווישען זיילען וואס שטעהען איינע נאך די אנדערע.

intercom'mon *v.* (אינ-טער-קאמ'-אן) צוזאמען עסען; האבען איין געמיינשאפטליכע פאשע פאר די בהמות פון בעזונדערע בעלי-בתים.

intercom'monage *n.* (אינ-טער-קאמ'-אנ-עדזש) דאס צוזאמען עסען; דאס רעכט צו האבען געמיינשאפטליכע פאשע פאר די בהמות פון בעזונדערע בעלי-בתים.

intercommunicabil'ity *n.* (אינ-טער-קא-מיו-ני-קע-ביל'-אי-טי) דאס זיין אין שטענדיגען פערקעהר אדער פערבינדונג מיט אנדערע.

intercommu'nicable *a.* (אינ-טער-קא-מיו'-ני-קעבל) וואס געפינט זיך אין א געגענזייטיגער בעציהונג מיט אנדערע.

intercommu'nicate *v.* (אינ-טער-קא-מיו'-ני-קייט) זיך איינער דעם אנדערען מיטטיילען; האבען פערקעהר אדער אומגאנג; האבען אין געמיינשאפט.

intercommunica'tion *n.* (אינ-טער-קא-מיו-ני-קיי'-שאן) געגענזייטיגער פערקעהר.

intercommu'nion *n.* (אינ-טער-קא-מיו'-ניאן) געמיינשאפטליכער פערקעהר אדער אומגאנג.

intercommu'nity *n.* (אינ-טער-קא-מיו'-ני-טי) געגענזייטיגע געמיינשאפט; דאס לעבען צוזאמען אין א הארמאנישען פערקעהר.

interconnect' *v.* (אינ-טער-קא-נעקט') פערבינדען זיך איינע מיט די אנדערע.

interconnec'tion *n.* (אינ-טער-קא-נעק'-שאן) א געגענזייטיגע פערבינדונג.

intercontradic'tory *a.* (אינ-טער-קאנ-טרע-דיק'-טא-רי) וואס ווידערשפרעכען זיך איינע די אנדערע.

intercos'tal *a. and n.* (אינ-טער-קאס'-טעל) וואס ליעגט צווישען די ריפען; די ארטעריע אדער דער מוסקול וואס ליעגט צווישען די ריפען.

in'tercourse *n.* (אינ'-טער-קאורס) פערקעהר, אומגאנג; פערבינדונג.

intercross' *v.* (אינ-טער-קראס') קרייצען, צוזאמענפארען חיות פון פערשיעדענע מינים.

in'tercross *n.* (אינ'-טער-קראס) דאס צונויפפארען חיות פון פערשיעדענע מינים.

intercur'rent *a.* (אינ-טער-קאר'-ענט) צונויפקומענדיג; טרעפענדיג זיך צווישען; דורכלויפענדיג, צווישען-לויפענדיג.

intercuta'neous *a.* (אינ-טער-קיו-טיי'-ני-אס) וואס געפינט זיך צווישען הויט און פלייש.

interdash' *v.* (אינ-טער-דעש') ז. *intersperse*.

interdenomina'tional *a.* (אינ-טער-די-נאמ-אי-ניי'-שאנ-על) וואס געפינט זיך צווישען בעזונדערע סעקטען, כתות אדער קלאסען; וואס האט זייער געמיינשאפטליכע אונטערשטיצונג.

interden'til *n.* (אינ-טער-דענ'-טיל) דער רוים צווישען צוויי אויסשניטען אדער צאהן-שניטען [אין ארכיטעקטור].

interdepen'dence *n.* (אינ-טער-די-פענ'-דענס) געגענזייטיגע אבהענגיגקייט.

interdepen'dency *n.* (אינ-טער-די-פענ'-דענ-סי) ז. *interdependence*.

interdepen'dent *a.* (אינ-טער-די-פענ'-דענט) וואס זיינען אבהענגיג איינער פון'ם אנדערען.

interdestruc'tive *a.* (אינ-טער-די-סטראק'-טיוו) וואס פערניכטען געגענזייטיג איינער דעם אנדערען.

interdict' *v.* (אינ-טער-דיקט') פערבאטען, פערווערען; אבזאגען [פון שטעלע]; אבנעהמען דאס רעכט אויף אייגענטום; ארויפלעגען א חרם.

in'terdict *n.* (אינ'-טער-דיקט) א פערבאט; א קירכליכער חרם אויף אימעצען אדער עפעס.

interdic'tion *n.* (אינ-טער-דיק'-שאן) דער פערבאט, די פערבאטונג; דאס ארויפלעגען א חרם; דאס אבנעהמען ביי איינעם דאס רעכט צו פערוואלטען זיינע געשעפטען [ווי צוליעב משוגעת, שוואכזיניגקייט א. ז. וו.].

interdic'tive *a.* (אינ-טער-דיק'-טיוו) פערבאטענד.

interdic'tory *a.* (אינ-טער-דיק'-טא-רי) וואס פערבאט, פערבאטענד.

interdig'ital *a.* (אינ-טער-דידזש'-אי-טעל) וואס געפינט זיך צווישען די פינגער; וואס פעראייניגט די פינגער.

in'terduce *n.* (אינ'-טער-דיום) א קווער-האלץ, א וואנד-ריגעל [א שטיק האלץ וואס פערפעסטיגט צוויי קווער-ליעגענדע קלעצער אדער צוויי ווענד איינע צו דער אנדערער].

in'terest *n. and v.* (אינ'-טער-עסט) אן אינטערעס; א נוצען, וויגאדע; אן אנטייל; א טייל; מאכט, ווירקונג; בעדייטונג; די פעראינטערעסירטע [קאלעקטיוו]; פראצענט, צינז; אייגעננוץ, געלדזיכטיגקייט; זיך אינטערעסירען; נעהמען אן אנטייל; פעראינטערעסירען.

in'terested *a.* (אינ'-טער-עס-טעד) פעראינטערעסירט; וואס האט א פערזענליכע אינטערעסע; בעטייליגט אין עפעס.

in'terestedly *adv.* (אינ'-טער-עס-טעד-לי) מיט א פערזענליכער אינטערעסע; זייענדיג פערזענליך פעראינטערעסירט.

in'terestedness *n.* (אינ'-טער-עס-טעד-נעס) דאס פעראינטערעסירט זיין; דאס האבען א פערזענליכע אינטערעסע; דער אייגעננוץ; דאס בעטייליגען זיך אין עפעס.

in'terested wit'ness (אינ'-טער-עס-טעד הוויט'-נעס) אן עדות וואס איז פערזענליך פעראינטערעסירט אין דער זאך וואס ווערט פערהאנדעלט.

in'teresting *a.* (אינ'-טער-עס-טינג) אינטערעסאנט.

in'terestingly *adv.* (אינ'-טער-עס-טינג-לי) אויף אן אינטערעסאנטען, אנציהענדען שטייגער.

in'terestingness *n.* (אינ'-טער-עס-טינג-נעס) אינטערעסאנטקייט; דאס זיין אינטערעסאנט.

in'terest ta'ble (אינ'-טער-עסט טייבל) א צינזען-טאבעלע, א פראצענט-ליסטע.

in'terface *n.* (אינ'-טער-פיים) די פלעכע, וועלכע טיילט פאנאנדער צוויי צוזאמענליעגענדע קערפערם.

interfa'cial *a.* (אינ-טער-פיי'-שיעל) וואס ליעגט צווישען צוויי פלעכען.

interfec'tion *n.* (אינ-טער-פעק'-שאן) דאס טויטען; מארד.

interfec'tor *n.* (אינ-טער-פעק'-טאר) א מערדער.

interfenes'tral *a.* (אינ-טער-פי-נעס'-טרעל) וואס געפינט זיך צווישען פענסטער.

interfenestra'tion *n.* (אינ-טער-פענ-עס-טריי'-שאן) דער רוים אדער דער שטח צווישען צוויי פענסטער.

interfere' *v.* (אינ-טער-פיר') אריינמישען זיך; סטארען זיך אבצוהאלטען אדער הינדערען; זיך צוזאמענשטויסען; אבשלאגען א פוס מיט דער קאפיטע פון צווייטען פוס [וועגען פערד]; אין פיזיק — אינטערפערירען. ז. *interference*.

interfer'ence *n.* (אינ-טער-פיר'-ענס) דאס אריינמישען זיך; א צוזאמענשטויס; הינדערנים, שטערונג; דאס אבקלאפען א פוס מיט דער קאפיטע פון דעם צווייטען פוס [וועגען פערד]; אין פיזיק — די אינטערפערענץ, די פערשטארקונג אדער אבשוואכונג פון א ליכט-שטראהל אדער קלאנג-וועללע דורך דער געגענזייטיגער ווירקונג פון צוויי אדער עטליכע סיסטעמען פון וועללען, וואס שטרעמען צוזאמען.

interfer'er *n.* (אינ-טער-פיר'-ער) איינער וואס מישט זיך אריין.

in'terflow *n.* (אינ'-טער-פלאו) דאס פליסען פון ימים אדער טייכען צווישען [ווי צווישען אינזלען]; דאס אריינשטרעמען פון ימים און טייכען איינע אין די אנדערע.

interflow' *v.* (אינ-טער-פלאו') פליסען צווישען [ווי דאס וואסער פון ים אדער פון א טייך וואס פליסט צווישען צוויי אינזלען].

inter'fluent *a.* (אינ-טויר'-פלו-ענט) וואס פליסט צווישען; וואס שטרעמען צוזאמען; וואס גיסט זיך הארמאניש צוזאמען.

interfolia'ceous *a.* (אינ-טער-פאו-לי-איי'-שיאס) אין באטאניק — וואס געפינט זיך צווישען בלעטער, וועלכע שטעהען איינס געגען אנדערען.

interfo'liate *v.* (אינ-טער-פאו'-לי-אייט) אריינזעצען ליידיגע בלעטער צווישען די בלעטער פון א בוך.

interfret'ted *a.* (אינ-טער-פרעט'-עד) אריינגעפלאכטען איינע אין די אנדערע [וועגען ארנאמענטען אויף הערבען].

interful'gent *a.* (אינ-טער-פאל'-דזשענט) וואס שיינט אדער לייכט צווישען.

interfuse' *v.* (אינ-טער-פיוז') פאנאנדערגיסען אדער פערשפרייטען צווישען; דורכנעצען; מאכען אז עס זאל דורכדרינגען; פערמישען, פעראייניגען, אויסמישען.

interfu'sion *n.* (אינ-טער-פיו'-זשאן) דאס פאנאנדערגיסען אדער פערשפרייטען צווישען; דאס פערמישען אדער צוזאמענמישען.

intergen'tial *a.* (אינ-טער-דזשענ'-שיעל) וואס עקזיסטירט צווישען שבטים אדער פעלקער; אינטערנאציאנאל.

intergla'cial *a.* (אינ-טער-גליי'-שיעל) אין געאלאגיע — וואס האט זיך אויסגעבילדעט אדער וואס האט פאסירט צווישען צוויי פעריאדען, ווען די ערד האט זיך בעדעקט מיט אייז.

in'tergrowth *n.* (אינ'-טער-גראוטה) דאס וואקסען צווישען; דאס וואקסען צוזאמען.

in'terim *n., a. and adv.* (אינ'-טער-אים) צווישען=צייט; א צייטווייליגער אבמאך צווישען די קאטוילוקען און פראטעסטאנטען אין דייטשלאנד אין דער צייט פון דער רעפארמאציאן; צייטווייליג, פארלויפיג; דערווייל.

in'terimist *n.* (אינ'-טער-אים-איסט) אן אינטערימיסט [א דייטשער פראטעסטאנט וואס האט אין צייט פון דער רעפארמאציאן אנגענומען דעם צייטווייליגען אבמאך צווישען די פראטעסטאנטען און קאטוילוקען].

interimis'tic *a.* (אינ-טער-אי-מיס'-טיק) אינטערימיסטיש. ז. *interimist*

interin'sular *a.* (אינ-טער-אינ'-סיו-לאר) וואס קומט פאר אדער געפינט זיך צווישען אינזלען.

inte'rior *a. and n.* (אינ-טי'-רי-אר) אינערליך, אינוועניג; אינלענדיש, וואס געפינט זיך אין דעם אינערען פון דעם לאנד [ווייט פון די גרענעצען], היימיש [אין געגענזאץ צו אויסלענדיש]; דאס אינערע, דאס אינוועניגסטע; אינלאנד [די אינערליכע טיילען פון א לאנד].

interior'ity *n.* (אינ-טי-רי-אר'-אי-טי) אינערליכקייט, אינוועניגקייט.

inte'riorly *adv.* (אינ-טי'-רי-אר-לי) אין אינערען; אינערליך, אינוועניג.

interj. אבקירצונג פון *interjection*

interja'cence *n.* (אינ-טער-דזשיי'-סענס) ז. *interjacency*

interja'cency *n.* (אינ-טער-דזשיי'-סענ-סי) דאס געפינען זיך אדער ליגען צווישען; דאס וואס ליגט צווישען.

interja'cent *a.* (אינ-טער-דזשיי'-סענט) וואס ליגט צווישען.

interjac'ulate *v.* (אינ-טער-דזשעק'-יו-לייט) אויסשרייען [אין מיטען פון א געשפרעך]; מאכען א זייטיגע בעמערקונג [אין א געשפרעך].

interjac'ulatory *a.* (אינ-טער-דזשעק'-יו-לע-טא-רי) וואס האט דעם כאראקטער פון אן אויסגעשריי אדער פון א זייטיגער בעמערקונג [אין א געשפרעך].

interject' *v.* (אינ-טער-דזשעקט') שטעלען צווישען; אריינרוקען א ווארט; אריינקומען אין מיטען.

interjec'tion *n.* (אינ-טער-דזשעק'-שאן) דאס אריינשטעלען אין מיטען; דאס אויסשרייען, דאס אויסדריקען עפעס מיט געפיהל אדער מיט קראפט; אין גראמאטיק — אן אינטעריעקציאן, אויסגעשריי-ווארט אדער אויסרופס=ווארט [ווי אך! היי!].

interjec'tional *a.* (אינ-טער-דזשעק'-שאנ-על) אריינגעשטעלט אין מיטען [ווי למשל, א זייטיגע בעמערקונג]; וואס האט דעם כאראקטער פון אן אינטעריעקציאן. ז. *interjection*

interjec'tionary *a.* (אינ-טער-דזשעק'-שאנ-ע-רי) ז. *interjectional*

interjoin' *v.* (אינ-טער-דזשאין') מיט איינאנדער פערבינדען אדער פעראייניגען; פערהייראטען.

in'terjoist *n.* (אינ'-טער-דזשאיסט) דער שטח צווישען צוויי באלקענס.

interjunc'tion *n.* (אינ-טער-דזשאנק'-שאן) געגענזייטיגע פערבינדונג.

interknit' *v.* (אינ-טער-ניט') צוזאמענפלעכטען, ענג צוזאמענבינדען.

interknot' *v.* (אינ-טער-נאט') צוזאמענפלעכטען, ענג פערבינדען מיט איינאנדער.

interlace' *v.* (אינ-טער-לייס') דורכפלעכטען; איינפלעכטען איינס אין אנדערען; צונויפגיסען, פעראייניגען.

interlace'ment *n.* (אינ-טער-לייס'-מענט) דאס צוזאמענפלעכטען.

interla'cing *n.* (אינ-טער-ליי'-סינג) צוזאמענפלעכטונג.

interla'cing ar'ches (אינ-טער-ליי'-סינג אר'-טשעז) זיילען וואס זעהען אויס ווי איבערגעפלאכטען אין די אויבערשטע טיילען.



Interlacing Arches

interlam'inar *a.* (אינ-טער-לעמ'-אי-נאר) ז. *interlaminated*

interlam'inated *a.* (אינ-טער-לעמ'-אי-ניי-טער) וואס ליגענט צווישען דינע פלאטען אדער בלעכען.

interlap' *v.* (אינ-טער-לעפ') צוזאמענפאלטען, צוזאמענוויקלען.

in'terlapse *n.* (אינ'-טער-לעפס) א צווישען=צייט, אן אינטערוואל.

interlard' *v.* (אינ-טער-לארד') דורכשפיקען [מאגער פלייש מיט פעטען]; אונטערמישען; צווישען=לעגען; איינמישען.

interlatitu'dinal *a.* (אינ-טער-לעט-אי-טיו'-די-נעל) וואס געפינט זיך צווישען צוויי פאראלעלע קרייזען אויף'ן ערד=גלאבוס.

interlay' *v.* (אינ-טער-ליי') צווישענלעגען.

in'terleaf *n.* (אינ'-טער-ליעף) א לעדיג בלאט וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען די בלעטער פון א בוך.

interleave' *v.* (אינ-טער-ליעוו') אריינשטעלען צווישען בלעטער [ווי ליידיגע בלעטער אדער בילדער צווישען די בלעטער פון א בוך].

interleaved' *a.* (אינ-טער-ליעווד') וואס האט אריינגעשטעלטע בלעטער; אין געאלאגיע — וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון דינע שיכטען ארויפגעלעגט איינע אויף די אנדערע [וועגען געוויסע ערד=שיכטען].

interline' *v.* (אינ-טער-לאין') אריינשטעלען צווישען די שורות; שרייבען צווישען די ציילען; אריינשטעלען א שטיק מאטעריע צווישען דעם אויבערשלאג און אונטערשלאג פון א קלייד.

in'terline *n.* (אינ'-טער-לאין) א שורה וואס איז אריינגעשטעלט צווישען אנדערע שורות.

interlin'eal *a.* (אינ-טער-לינ'-אי-על) וואס איז געשריבען אדער שטעהט צווישען די שורות.

interlin'eally *adv.* (אינ-טער-לינ'-אי-על-אי) אריינשטעלענדיג אדער לעזענדיג צווישען די שורות.

interlin'ear *a.* (אינ-טער-לינ'-אי-אר) וואס שטעהט צווישען די ציילען; וואס איז געשריבען צווישען די ציילען [ווי אין אן איבערזעצונג, וואס אונטער יעדער שורה פון טעקסט קומט די איבערזעצונג].

interlin'earily *adv.* (אינ-טער-לינ'-אי-ע-רי-לי) ז. *interlinearly*

interlin'early *adv.* (אינ-טער-לינ'-אי-אר-לי) דורך אריינשטעלען שורות צווישען די געדרוקטע אדער געשריבענע שורות.

interlin'eary *a.* (אינ-טער-לינ'-אי-ע-רי) ז. *interlinear*

interlinea'tion *n.* (אינ-טער-לינ-אי-איי'-שאן) דאס שרייבען צווישען די ציילען; דאס צווישען=געשריבענע.

interlin'gual *a.* (אינ-טער-לינ'-גוועל) וואס איז שייך צו צוויי אדער עטליכע שפראכען.

interli'ning *n.* (אינ-טער-לאי'-נינג) דאס שרייבען צווישען די ציילען; א שטיקעל טוך וואס ליעגט צווישען דעם אויבערשלאג און אונטערשלאג פון א בגד.

interlink' *v.* (אינ-טער-לינק') צוזאמענקייטען, פערבינדען.

in'terlink *n.* (אינ'-טער-לינק) א רינג פון א קייט; א צווישען=שטופע אין דעם פראצעס פון פיזישע אדער גייסטיגע ערשיינונגען.

interlo'cal *a.* (אינ-טער-לאו'-קעל) צווישען=ארטיג; וואס געפינט זיך צווישען איינינע פלעצער; וואס איז שייך צו אדער וואס פעראייניגט איינינע ערטער.

interlo'cally *adv.* (אינ-טער-לאו'-קעל-אי) אין א צווישען=ארט; דורך דער פערבינדונג פון איינינע פלעצער.

interlo'cate *v.* (אינ-טער-לאו'-קייט) אוועקשטעלען צווישען [אנדערע זאכען].

interlock' *v.* (אין־טער־לאַק') צוזאַמענפלעכטען, פאַראייניגען; אַריינגעפלאָכטען ווערען איינער אין דעם אַנדערען.

interlocu'tion *n.* (אין־טער־לאָ־קיו'־שאַן) אַ געשפּרעך, אַ דיאַלאָג; אין געריכטס=פּראָצעסען — דער לעצטער ויכוח צווישען די געגנערישע צדדים איידער מען גיט אַרויס דעם געריכטס=אורטייל.

interloc'utive *a.* (אין־טער־לאַק'־יו־טיוו) וואָס איז שייך צו אַ געשפּרעך אָדער דיאַלאָג; וואָס איז שייך צו די שליסענדע טענות פון די געגנערישע צדדים אין אַ געריכטס=פּראָצעס.

interloc'utor *n.* (אין־טער־לאַק'־יו־טאָר) אַ מיט=שפּרעכער; איינער וואָס נעהמט אַנטייל אין אַ געשפּרעך; אַ נעבען=אורטייל [אַן אורטייל וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין גאַנג פון געריכטס=פּראָצעס, אָבער ער איז נים דער לעצטער און ענדליכער אורטייל].

interloc'utory *a.* (אין־טער־לאַק'־יו־טאָ־רי) געשפּרעך=מעסיג; וואָס איז שייך צו אַ נעבען=אורטייל. ז. *interlocutor*

interlope' *v.* (אין־טער־לאָופּ') אַריינמישען זיך אָדער אַריינדרינגען אין אַ געשעפט אָדער אונטערנעהמונג וואָס בעלאַנגט צו אַן אַנדערען; בעשעפטיגען זיך מיט קאָנטראַבאַנד; טרייבען אַ פאַרבאָטענעם האַנדעל.

in'terloper *n.* (אין'־טער־לאָו־פּער) אַן אַריינדרינגער, איינער וואָס דרינגט אַריין אין אַן אָרט וואו ער האָט קיין רעכט ניט; איינער וואָס מישט זיך אַריין אָדער דרינגט אַריין אין אַ געשעפט אָדער אונטערנעהמונג וואָס בעלאַנגט צו אַן אַנדערען; איינער וואָס האַנדעלט אַהן אַ געזעצליכען ערלויבניס; איינער וואָס פאַרנעהמט זיך מיט אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען צו איהם קיין שייכות ניט.

interlu'cent *a.* (אין־טער־ליו'־סענט) וואָס שיינט צווישען.

in'terlude *n.* (אין'־טער־ליוד) אַ צווישען=שפּיעל [אַן אונאַבהענגיגע פאָרשטעלונג וואָס ווערט געגעבען אין טעאַטער אין דער צייט פון אַנטראַקט]; אַן אינטערמעצאָ, אַ קליין מוזיקאַליש שטיק וואָס ווערט געשפּיעלט צווישען די אַקטען פון אַ דראַמאַ.

interlu'nar *a.* (אין־טער־ליו'־נער) וואָס איז שייך צו דער צייט צווישען אַלט=חדש און ניי=חדש, ווען די לבנה זעהט זיך ניט.

interlu'nary *a.* (אין־טער־ליו'־נע־רי) ז. *interlunar*

intermarine' *a.* (אין־טער־מע־רין') וואָס געפינט זיך צווישען ימים.

intermar'riage *n.* (אין־טער־מער'־עדזש) דאָס הייראַטען אונטער איינאַנדער [די וועקסעלזייטיגע הייראַט צווישען פאַמיליעס]; בלוט=פאַרמישונג, דאָס הייראַטען פון נאָהענטע קרובים; דאָס הייראַטען פון מענשען וואָס בעלאַנגען צו בעזונדערע ראַסען אָדער רעליגיאָנען.

intermar'ry *v.* (אין־טער־מער'־אי) הייראַטען אונטער איינאַנדער, פאַראייניגען זיך דורך הייראַטען [ווי בעזונדערע פאַמיליעס, משפּחות, שבטים]; פאַרהייראַטען מענשען, וואָס בעלאַנגען צו בעזונדערע ראַסען אָדער רעליגיאָנען.

intermed'dle *v.* (אין־טער־מעד'ל) זיך אַריינמישען, זיך אַריינשטעקען אין מיטען; נעהמען אַנטייל אין אַ געשעפט, מיט וועלכען איינער איז גאָר ניט פאַרבונדען.

intermed'dler *n.* (אין־טער־מעד'־לער) איינער וואָס מישט זיך אָדער שטעקט זיך אַריין אין דעם אַנדערענס עסקים.

interme'dial *a.* (אין־טער־מי'־די־על) צווישענדיג, פאַרמיטלענד, וואָס דיענט אַלס פאַרמיטלער.

interme'diary *a. and n.* (אין־טער־מי'־די־ע־רי) וואָס איז אָדער קומט פאָר צווישען; וועלכער אַרבייט פאַרמיטלעריש; איינער וואָס קומט צווישען; אַ פאַרמיטלער.

interme'diate *v. and a.* (אין־טער־מי'־די־אייט) קומען צווישען, אַרבייטען פאַרמיטלעריש; וואָס געפינט זיך צווישען צוויי עקסטרעמען, מיטעלמעסיג.

interme'diately *adv.* (אין־טער־מי'־די־אייט־לי) דורך אַריינמישען זיך צווישען; אויף אַ מיטעלמעסיגען שטייגער.

intermedia'tion *n.* (אין־טער־מי־די־איי'־שאַן) דאָס קומען צווישען; דאָס אַריינמישען זיך; די פאַרמיטלונג.

interme'diator *n.* (אין־טער־מי'־די־איי־טאָר) אַ פאַרמיטלער צווישען צוויי אָדער עטליכע צדדים; איינער אָדער עפּעס וואָס דיענט אַלס פאַרמיטלער.

intermediet'to *n.* (אין־טער־מי־די־עט'־אָו) אַן אינטערמעדיעטאַ, אַ קליינער צווישען=שפּיעל צווישען די אַקטען פון אַ דראַמאַ.

interme'dium *n.* (אין־טער־מי'־די־אַם) אַ צווישען=רוים; עפּעס וואָס קומט צווישען.

intermen'strual *a.* (אין־טער־מענ'־סטרו־על) וואָס קומט פאָר צווישען די מענסטרואַציאָנס=פּעריאָדען [מאָנאַטליכע ביי פרויען].

inter'ment *n.* (אין־טויר'־מענט) די בעערדיגונג, דאָס בריינגען צו קבורה.

intermez'zo *n.* (אין־טער־מעד'־זאָו) אין מוזיק — אינטערמעצאָ, דאָס צווישען=שפּיעל; אַ קליינע און לייכטע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָן.

intermigra'tion *n.* (אין־טער־מאַי־גריי'־שאַן) געגענזייטיגע עמיגראַציאָן, דאָס איבערוואַנדערען פון בירגער פון איין לאַנד אין דעם צווייטען און פון צווייטען אין דעם ערשטען.

inter'minable *a.* (אין־טויר'־מי־נעבל) וואָס מען קען ניט בעשטימען; אונבעגרענצט, אונענדליך.

inter'minableness *n.* (אין־טויר'־מי־נעבל־נעס) גרענצלאָזיגקייט, אונענדליכקייט.

inter'minably *adv.* (אין־טויר'־מי־נע־בלי) אַהן אַ סוף; אויף אַ גרענצלאָזען אופן.

inter'minate *a.* (אין־טויר'־מי־נייט) אונבעגרענצט, ענדלאָז, אַהן אַ סוף.

intermin'gle *v.* (אין־טער־מינ'גל) אונטערמישען, פאַרמישען; זיך פאַרמישען.

intermis'sion *n.* (אין־טער־מיש'־אַן) אַן אונטערברעכונג; אַן אָבשטעל; אַן אַנטראַקט אין טעאַטער; אַ צווישען=פּויזע אין שול צווישען איין לעקציאָן און דער צווייטער.

intermis'sive *a.* (אין־טער־מיס'־איוו) אונטערבראָכען; אָבגעשטעלט אויף אַ צייט.

intermit' *v.* (אין־טער־מיט') צייטענווייז אונטערברעכען אָדער אויפהערען; נאָכלאָזען; אָבשטעלען זיך אויף אַ צייט.

intermit'tence *n.* (אין־טער־מיט'־ענס) אַן אונטערברעכונג; אַ צייטווייליגע אויפהערונג, אַ הפסקה.

invec'tively *adv.* (אין-וועק'-טיוו-לי) מיט בעליידיגונג, זידלעריי, פערשפּאָטונג אדער טאַדעל.
inveigh' *v.* (אין-וויי') [מיט אַנגרייפען ווערטער], טאַדלען, זידלען בעליידיגען.
inveigh'er *n.* (אין-וויי'-ער) אַן אַנ-גרייפער [מיט ווערטער], אַ טאַדלער.
invei'gle *v.* (אין-ווי'-גל) פערנאַרען, פערפיהרען, איבעררעדען.
invei'glement *n.* (אין-ווי'-גל-מענט) פערנאַרונג, פערפיהרונג, איבעררעדונג.
invei'gler *n.* (אין-ווי'-גלער) אַ פער-נאַרער, אַ פערפיהרער, אַן איבעררעדער.
inveil' *v.* (אין-וויל') פערשלייערען, פערדעקען מיט אַ שלייער.
invendibil'ity *n.* (אין-וועג-די-ביל'-אי-טי) אונפערקויפבאַרקייט, דאָס ניט קענען פערקויפט ווערען.
inven'dible *a.* (אין-וועג'-דיבל) אונ-פערקויפבאַר, וואָס פערקויפט זיך ניט.
invent' *v.* (אין-וועגט') ערפינדען; אויסטראַכטען.
invent'ful *a.* (אין-וועגט'-פול) ערפינ-דונגסרייך, ערפינדעריש.
inven'tible *a.* (אין-וועג'-טיבל) וואָס קען ערפונדען ווערען אדער אויסגעטראַכט ווערען.
inven'tibleness *n.* (אין-וועג'-טיבל-נעס) ערפינדבאַרקייט; דאָס קענען ער-פונדען ווערען.
inven'tion *n.* (אין-וועג'-שאַן) ערפינ-דונג; אויסטראַכטונג; דיכטונג; ערפינ-דונגס-פעהיגקייט, שאַפונגס-גייסט; איינ-בילדונגס-קראַפט, פאַנטאַזיע; דאָס געפי-נען; ערפינדונג.
Inven'tion of the Cross (אין-וועג'-שאַן אָוו טהי קראָהס) אַ קאַטוילישער יום-טוב [דעם 3טען מאַי] צום אַנדענ-קען דערפון וואָס מען האָט, ווי עס ווערט בעהויפּטעט, אין יאָהר 326 געפונען אין ירושלים דעם צלם, אויף וועלכען קריס-טוס איז געקרייציגט געוואָרען.
inven'tive *a.* (אין-וועג'-טיוו) ערפינ-דעריש.
inven'tive art (אין-וועג'-טיוו אַרט) ערפינדונגס-קונסט.
inven'tively *adv.* (אין-וועג'-טיוו-לי) דורך ערפינדונג; אויף אַן ערפינדערישען שטייגער.
inven'tiveness *n.* (אין-וועג'-טיוו-נעס) ערפינדונגס-קראַפט, ערפינדונגס-פע-היגקייט; ערפינדערישקייט.
inven'tor *n.* (אין-וועג'-טאָר) אַן ער-פינדער; אַן אויסטראַכטער, אַ שאַפער.
invento'rial *a.* (אין-וועג-טאָו'-רי-על) וואָס איז שייך צו אַן אינווענטאַר.
ז. *inventory*.
invento'rially *adv.* (אין-וועג-טאָו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון אַן אינ-ווענטאַר. ז. *inventory*.
in'ventory *n.* and *v.* (אינ'-וועג-טאָ-רי) אַן אינווענטאַר, אַ דעטאַלירטע און אויספיהרליכע פערצייכניס פון די אַרטיק-לען פון אַ געשעפט אדער פון אַ גוט; אויפנעהמען דעם אינווענטאַר, מאַכען אַן אויספיהרליכע פערצייכניס, אויפשטעלען אַ קאַטאַלאָג.
in ven'tre (אין וועג'-טרי) אין בויך [נאָך ניט געבאָרען].
inven'tress *n.* (אין-וועג'-טרעס) אַן ערפינדערין.
inverac'ity *n.* (אין-ווי-רעס'-אי-טי) אַן אונוואָרהייט, אַן אונריכטיגקייט.
inverisimil'itude *n.* (אין-ווער-אי-סי-מיל'-אי-טיוד) אונוואַהרשיינליכקייט.
invermina'tion *n.* (אין-וואיר-מי-ניי'-שאַן) אין מעדיצין — דאָס ליידען פון ווערים.
inverse' *a.* and *n.* (אין-וואירס') אומ-געקעהרט, אומגעדרעהט; דער געגענטייל; עטוואָס וואָס איז דער געגענטייל אדער דאָס אומגעקעהרטע.
inverse'ly *adv.* (אין-וואירס'-לי) אויף אַן אומגעקעהרטען אופן; אין אַן אומגע-קעהרטען פערהעלטניס.
inverse' propor'tion (אין-וואירס' פּראָ-פּאָר'-שאַן) אַן אומגעקעהרטע פּראָ-פּאָרציאָן [ווי למשל: וואָס ווייניגער מענשען עס אַרבייטען, דעסטאָ מעהר צייט דאַרף עס נעהמען צו פערפערטיגען די אַרבייט].
inverse' ra'tio (אין-וואירס' ריי'-שיאָו)

אן אומגעקעהרטע פערהעלטניס אדער פּראפּארציאן.

inver'sion *n.* (אינ-וואיר'-שאן) אן אומקעהרונג אדער איבערקעהרונג; דאס איבערשטעלען פערקעהרט.

inver'sive *a.* (אינ-וואיר'-סיוו) אומקעהרבאר, איבערקעהרבאר.

invert' *v.* (אינ-וואירט') איבערקעהרען, אומקעהרען; איבערדרעהען, איבערשטעלען.

in'vert *n.* (אינ'-וואירט) אין ארכיטעקטור — א פערקעהרטער בויגען; אן איבערגעקעהרט איזאליר-העמערל אין א טעלעגראפישען אפּאראט.

inver'tebral *a.* (אינ-וואיר'-טי-ברעל) אהן א רוקען-ביין; שוואך, וואקלענדיג, ניט ענטשלאסען.

Invertebra'ta *n.* (אינ-וואיר-טי-בריי'-טא) חיות וואס האבען ניט קיין רוקען-ביין.

inver'tebrate *a. and n.* (אינ-וואיר'-טי-ברייט) אהן א רוקען-ביין; שוואך, וואקעלדיג, ניט ענטשלאסען; א חיה וואס האט ניט קיין רוקען-ביין.

inver'tebrated *a.* (אינ-וואיר'-טי-בריי-טעד) אהן א רוקען-ביין; שוואך, וואקעלדיג, ניט ענטשלאסען.

inver'ted *a.* (אינ-וואיר'-טעד) אומגעקעהרט, איבערגעקעהרט, פערקעהרט, איבערגעדרעהט.

inver'ted arch (אינ-וואיר'-טעד ארטש) אין ארכיטעקטור — אן איבערגעקעהרטער בויגען מיט'ן קאפּ אראב.



Inverted Arches

inver'ted com'mas (אינ-וואיר'-טעד קאמ'-עז) אנפיהרונגס-צייכען אדער גענזען-פיסלעך [אומגעקעהרטע קאמאס, וועלכע ווערען בענוצט אלס צייכענס פאר א ציטירטען ווארט אדער זאץ, ווי „...“].

inver'tedly *adv.* (אינ-וואיר'-טעד-לי) אויף אן אומגעקעהרטען אופן.

inver'tible *a.* (אינ-וואיר'-טיבל) וואס קען איבערגעקעהרט אדער איבערגעדרעהט ווערען.

inver'tor *n.* (אינ-וואיר'-טאר) דאס וואס דרעהט איבער אדער ענדערט די ריכטונג; אן עלעקטרישער שטראם-אומווענדער [אן אפּאראט צום אומקעהרען די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם].

invest' *v.* (אינ-וועסט') אריינטהאן אדער אריינלעגען [געלד אין א געשעפט אדער אין עטוואס אנדערש]; בעקליידען; בעקליידען מיט אן אמט; איינשליסען, ארומרינגלען; ניט לאזען ארויסדרעהן זיך.

inves'tigable *a.* (אינ-וועס'-טי-געבל) ערפארשליך, וואס מען קען אונטערזוכען.

inves'tigate *v.* (אינ-וועס'-טי-גייט) אונטערזוכען, אויספארשען.

investiga'tion *n.* (אינ-וועס-טי-גיי'-שאן) אן אונטערזוכונג, אן אויספארשונג.

inves'tigative *a.* (אינ-וועס'-טי-גיי-טיוו) אונטערזוכענד, פארשענד.

inves'tigator *n.* (אינ-וועס'-טי-גיי-טאר) אן אונטערזוכער, א פארשער.

inves'titive *a.* (אינ-וועס'-טי-טיוו) אריינזעצענדיג פייערליך אין אן אמט.

inves'titure *n.* (אינ-וועס'-טי-טשור) די אינוועסטיטור, די פייערליכע איינזעצונג אין אן אמט; די בעקליידונג מיט אן אמט.

inves'tive *a.* (אינ-וועס'-טיוו) איינהילענד ווי אין א קלייד, בעקליידענד; ארומרינגלענד.

invest'ment *n.* (אינ-וועסט'-מענט) די אריינלעגונג פון געלד אדער קאפּיטאל [אין א געשעפט אדער אין אן אונטערנעהמונג]; א געלד-איינלאגע; עטוואס אין וואס געלד איז אריינגעטהאן; די בעקליידונג; קליידונג, קליידער; אן איינשליסונג, אן ארומרינגלונג.

inves'tor *n.* (אינ-וועס'-טאר) איינער וואס לעגט אריין זיין קאפּיטאל [אין א געשעפט אדער אין אן אונטערנעהמונג].

invet'eracy *n.* (אינ-וועט'-ע-ריי-סי) דאס זיין טיעף איינגעווארצעלט; דאס ציהען זיך פון לאנג אן; הארטנעקיגקייט.

invet'erate *a.* (אינ-וועט'-ע-רייט) טיעף איינגעווארצעלט; שטארק צוגעוועהנט; וואס האט שטארק איינגעווארצעלטע געוועהנהייטען; הארטנעקיג.

I am an inveterate smoker.

invet'erately *adv.* (אינ-וועט'-ע-רייט-לי) זייענדיג טיעף איינגעווארצעלט; מיט הארטנעקיגקייט.

invet'erateness *n.* (אינ-וועט'-ע-רייט-נעס) ז. *inveteracy*

invetera'tion *n.* (אינ-וועט-ע-ריי'-שאן) אן איינווארצלונג; אן איינגעווארצעלטע געוועהנהייט.

invid'ious *a.* (אינ-וויד'-אי-אס) אויפרעגענד; נייזדיש; ניט פערגינענד; אונרעכטליך אונטערשיידענד.

invid'iously *adv.* (אינ-וויד'-אי-אס-לי) אויף א נייזדישען אדער ניט פערגינערישען אופן.

invid'iousness *n.* (אינ-וויד'-אי-אס-נעס) אבשייליכקייט, העסליכקייט; דאס ניט פערגינען.

invigila'tion *n.* (אינ-ווידזש-אי-ליי'-שאן) דאס בעוואכען; וואכזאמקייט.

invig'or *v.* (אינ-וויג'-אר) שטארקען, ערמוטיגען, צוגעבען קוראזש.

invig'orant *n.* (אינ-וויג'-אר-ענט) א קרעפטיגענדער געטראנק.

invig'orate *v.* (אינ-וויג'-אר-אייט) קרעפטיגען, שטארקען; צוגעבען ענערגיע.

invigora'tion *n.* (אינ-וויג-א-ריי'-שאן) קרעפטיגונג, שטארקונג; שטארקייט, קראפט.

invig'orative *a.* (אינ-וויג'-א-ריי-טיוו) שטארקענדיג, קרעפטיגענד; צוגעבענדיג ענערגיע.

invil'laged *a.* (אינ-וויל'-עדזשד) פערוואנדעלט אין א דארף.

invincibil'ity *n.* (אינ-ווינ-סי-ביל'-אי-טי) אונבעזיעגבארקייט; אונאיבערווינדליכקייט.

invin'cible *a. and n.* (אינ-ווינ'-סיבל) אונבעזיעגבאר; אונאיבערווינדליך; אן אונבעזיעגבארער.

Invin'cible Arma'da (אינ-ווינ'-סיבל אר-מיי'-דא) די אונבעזיעגבארע ארמאדע [די בעריהמטע שפּאנישע פלאטע פון 130 שיפען וועלכע איז געשיקט געווארען פון דעם שפּאנישען קעניג פיליפּ דעם צווייטען, געגען ענגלאנד אין יאהר 1588 און וועלכע איז צוריקגעשלאגען געווארען און ענדליך כמעט פאלשטענדיג פערניכטעט געווארען דורך שטורם-ווינדען ביי די וועסטליכע ברעגען פון אירלאנד].

invin'cibleness *n.* (אינ-ווינ'-סיבל-נעס) ז. *invincibility*

invin'cibly *adv.* (אינ-ווינ'-סי-בלי) אויף אן אונבעזיעגבארען אופן.

inviolabil'ity *n.* (אינ-וואי-א-לע-ביל'-אי-טי) אונבעריהרליכקייט; אונפערלעצבארקייט; אונפערשוועכליכקייט.

invi'olable *a.* (אינ-וואי'-א-לעבל) אונפערלעצליך; אונבעריהרליך; ניט צו פערשוועכען; ניט עובר צו זיין.

invi'olableness *n.* (אינ-וואי'-א-לעבל-נעס) ז. *inviolability*

invi'olably *adv.* (אינ-וואי'-א-לע-בלי) ניט צו פערלעצען; ניט צו בעריהרען; ניט צו פערשוועכען; ניט עובר צו זיין.

invi'olate *a.* (אינ-וואי'-א-לייט) ניט פערלעצט; ניט בעריהרט; ניט פערשוועכט; ניט עובר געווען.

An officer must keep his oath of office inviolate.

invi'olated *a.* (אינ-וואי'-א-ליי-טעד) ז. *inviolate*

invi'olately *adv.* (אינ-וואי'-א-לייט-לי) אונפערלעצט, אונבעריהרט, אונפערשוועכט, ניט עובר געווען דארויף.

invi'olateness *n.* (אינ-וואי'-א-לייט-נעס) דאס זיין אונבעריהרט, אונפערלעצט אדער ניט פערשוועכט.

in'vious *a.* (אינ'-ווי-אס) וואס מען קען ניט דורכגעהן.

invir'ile *a.* (אינ-וויר'-איל) ניט מאנבאר, ניט מענליך.

inviril'ity *n.* (אינ-ווי-ריל'-אי-טי) דאס ניט זיין מאן גענוג; שוואכקייט.

invis'cid *a.* (אינ-ווים'-איד) ניט קלעפּיג.

invisibil'ity *n.* (אינ-וויז-אי-ביל'-אי-טי) אונזיכטבארקייט; דאס וואס מען קען ניט זעהן.

Invis'ible (the) *n.* (אינ-וויז'-איבל) דער אונזיכטבארער, גאט.

invis'ible *a. and n.* (אינ-וויז'-איבל) אונזיכטבאר; איינער פון די ראזענקרייצער [א געהיימע קריסטליכע סעקטע אין דייטשלאנד אין 16טען יאהרהונדערט].

invis'ible green (אינ-וויז'-איבל גריען) שווארץ-גרין.

invis'ible ink (אינ-וויז'-איבל אינק) אונזיכטבארע טינט [אזא פליסיגקייט צום שרייבען פון וועלכער די שריפט בלייבט אונזיכטבאר ביז מען געברויכט געוויסע מיטלען זי זיכטבאר צו מאכען, ווי דערהיצען אדער בעשמירען מיט א כעמישער פליסיגקייט].

invis'ibleness *n.* (אינ-וויז'-איבל-נעס) ז. *invisibility*

invis'ibly *adv.* (אינ-וויז'-אי-בלי) אויף אן אונזיכטבארען אופן.

invi'tal *a.* (אי-וואי'-טעל) אונלעבהאפט, וואס האט אין זיך קיין לעבען אדער לעבעדיגקייט.

invi'ta Miner'va (אינ-וואי'-טא מי-נויר'-ווא) אהן טאלאנט [אהן מינערווא'ס גנאדען. מינערווא איז געווען ביי די אלטע גריכען די געטין פון קלוגשאפט און געניאליטעט].

invita'tion *n.* (אינ-ווי-טיי'-שאן) אן איינלאדונג; אן אנלאקונג, א צוציהונג.

invitato'rium *n.* (אינ-וואי-טע-טאו'-רי-אם) א קאפּיטעל תהלים אדער עטוואס עהנליכעס וואס דיענט אלס איינלאדונג צו גאטעס-דיענסט אין א קירך. ז. *invitatory psalm*

invi'tatory *a. and n.* (אינ-וואי'-טע-טא-רי) איינלאדענד; א קאפּיטעל תהלים

אדער אז אנדער פערז וואס דיענט אלס איינלאדונג צו גאטעס-דיענסט אין א קירך. ז. *invitatory psalm*.

invi'tatory psalm (אינ-וואי'-טע-טא-רי סאהם) דער צום געבעט איינלאדענדער פסאלם [דער קאפיטעל צ"ה אין תהלים, "לכו נרננה"].

invite' *v. and n.* (אינ-וואיט') איינלאדען, פערבעטען; צוציהען, רייצען; אויפפאדערען; אן איינלאדונג.

invi'ter *n.* (אינ-וואי'-טער) אן איינלאדער.

invi'tiate *a.* (אינ-וויש'-אי-אייט) ניט פערדארבען; ניט געפעלשט; ריין.

invi'ting *a.* (אינ-וואי'-טינג) איינלאדענד; צוציהענד, רייצענד.

invi'tingly *adv.* (אינ-וואי'-טינג-לי) איינלאדענדיג; צוציהענדיג, אנלאקענדיג.

invi'tingness *n.* (אינ-וואי'-טינג-נעס) דאס זיין צוציהענד אדער רייצענד.

invit'rifiable *a.* (אינ-וויט'-רי-פאי-עבל) וואס קען ניט פערגלאזט ווערען; וואס קען ניט פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

in vi'tro (אין וואי'-טראו) אין דעם אונטערזוכונגס-גלאז [וועגען א כעמישער רעאקציאן אדער וועגען קולטיווירען געוויסע מיקראבען אויף וויפיעל דאס קומט פאר אויף אן עקספערימענטאלען אופן אין דער גלאז-רעטארטע און ניט אין א לעבעדיגען ארגאניזם גופא].

in vi'vo (אין וואי'-וואו) אין לעבעדיגען קערפער [דאס הייסט ניט דורך א כעמישען עקספערימענט. ז. *in vitro*].

in'vocable *a.* (אינ'-ווא-קעבל) וואס קען אנגעבעטען ווערען.

in'vocant *n.* (אינ'-ווא-קענט) איינער וואס רופט צו הילף; איינער וואס בעט.

in'vocate *v.* (אינ'-ווא-קייט) רופען [ווי פאר הילף]; בעטען.

invoca'tion *n.* (אינ-ווא-קיי'-שאן) דאס רופען [ווי פאר הילף]; דאס בעטען; דאס בעטען די ברכה פון גאט; א געריכטליכע אויפפאדערונג.

invoc'ative *a.* (אינ-וואק'-ע-טיוו) בעטענדיג; רופענדיג [ווי פאר הילף].

invoc'atory *a.* (אינ-וואק'-ע-טא-רי) וואס רופט [ווי פאר הילף]; וואס בעט.

in'voice *n. and v.* (אינ'-וואיס) א דעטאלירטע, אויספיהרליכע רעכנונג פון וואארע; מאכען א דעטאלירטע, אויספיהרליכע וואארען-רעכנונג.

in'voice-book *n.* (אינ'-וואיס-בוק) א פאקטורען-בוך [א בוך, וואו עס ווערען קאפירט די דעטאלירטע רעכנונגען פון די סחורות].

invoke' *v.* (אינ-וואוק') 1. רופען [ווי פאר הילף]; 2. בעטען; מתפלל זיין פאר...; 3. אויפרופען צום געריכט.
2. The minister invoked God's blessing upon the congregation.

invo'ker *n.* (אינ-וואו'-קער) איינער וואס רופט פאר הילף; איינער וואס בעט.

invol'atile *a.* (אינ-וואל'-ע-טיל) וואס פערדאמפט ניט.

invol'ucel *n.* (אינ-וואל'-יו-סעל) אין באטאניק — א צווייטע הייטעל פון א בלום; בלעטלעך אונטער'ן בלומען-קעלך.

involucel'lum *n.* (אינ-וואל-יו-סעל'-אם) ז. *involucel*.

in'volucral *a.* (אינ'-ווא-ליו-קרעל) וואס האט א צווייטע הייטעל מיט בלעטלעך אונטער די בלומען [וועגען א בלום].

involu'crate *a.* (אינ-ווא-ליו'-קרייט) ז. *involucral*.

in'volucre *n.* (אינ'-ווא-ליו-קער) א הייטעל וואס וויקעלט ארום עפעס אן ארגאן; אין באטאניק — די בלעטלעך וואס רינגלען ארום דאס בלומען-בינטעל.

Involucre

invol'untarily *adv.* (אינ-וואל'-אנ-טע-רי-לי) ניט-ווילענדיג, געגען איינענעם ווילען.

invol'untary *a.* (אינ-וואל'-אנ-טע-רי) אונווילינג, אונפרייוויליג, געצוואונגען; אונגערן, ניט-ווילענדיג.

invol'untary bank'ruptcy (אינ-וואל'-אנ-טע-רי בענק'-ראפט-סי) א באנקראט [אן אנזעץ] וואס ווערט ערקלערט פון א געריכט אויף'ן פערלאנג פון די יעניגע וועמען דער באנקראטירטער איז שולדיג געלד און געגען דעם פערלאנג פון דעם באנקראטירטען.

invol'untary escape' (אינ-וואל'-אנ-טע-רי עס-קייפ') אן אנטרינונג, אנטלויפונג אדער בעפרייאונג [געגען דעם ווילען פון דעם וועכטער].

in'volute *a. and n.* (אינ'-ווא-ליוט) איינגעוויקעלט, איינגעדרעהט [וועגען פלאנצען-בלעטער]; צונויפגעדרעהט ווי א ספיראל; פערדרעהט, פערפלאנטערט; אין געאמעטריע — אן עוואלווענטע, א קרומע ליניע וואס ווערט בעשריבען פון דעם ענד פון א גראדער ליניע, ווען זי דרעהט זיך ארום א קרייז אדער אן אנדער געבויגענער ליניע.

involu'ted *a.* (אינ-ווא-ליו'-טעד) איינגעוויקעלט, איינגעדרעהט; פערדרעהט, פערפלאנטערט; געדרעהט ווי א ספיראל.

involu'tion *n.* (אינ-ווא-ליו'-שאן) איינוויקלונג; פערוויקלונג, קאמפליצירונג, פערפלאנטערונג; אין גראמאטיק — א פערפלאנטערטער, קאמפליצירטער זאץ-בוי; אין מאטעמאטיק — פאטענצירונג [ערהויבונג פון א צאהל צו איהרע פאטענצען, כפל'ען זי צוויי אדער מעהרערע מאל אויף זיך אליין].

in'volutive *a.* (אינ'-ווא-ליו-טיוו) איינגעדרעהט, איינגעוויקעלט [וועגען פלאנצען-בלעטער].

involve' *v.* (אינ-וואלוו') איינוויקלען, ארומוויקלען, פערוויקלען; פערפלאנטערען, מאכען קאמפליצירט; ברייגנען אין א געמיינזאמער פערבינדונג; ענטהאלטען, אריינגעהמען אין זיך אלס לאגישע פאלגע; אין מאטעמאטיק — ערהויבען צו א פאטענץ, כפל'ען א צאהל אויף זיך אליין צוויי אדער מעהרערע מאל.

invol'vedness *n.* (אינ-וואל'-וועד-נעס) ז. *involvement*.

involve'ment *n.* (אינ-וואלוו'-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, דאס אריינגעהמען אין זיך אלס לאגישע פאלגע; א פערלעגענהייט, א שוועריגקייט.

invulnerabil'ity *n.* (אינ-וואל-נע-רע-ביל'-אי-טי) אונפערוואונדבארקייט, די אונמעגליכקייט פערוואונדעט צו ווערען אדער געשעדיגט צו ווערען.

invul'nerable *a.* (אינ-וואל'-נע-רעבל) וואס קען ניט פערוואונדעט ווערען אדער געשעדיגט ווערען.

invul'nerableness *n.* (אינ-וואל'-נע-רעבל-נעס) ז. *invulnerability*.

invultua'tion *n.* (אינ-וואל-טשו-איי'-שאן) דאס שטעכען א וואקסענע אדער לייימענע פיגור פון איינעם, אום איהם אויף אזא אופן מיט דער הילף פון כשוף צו טויטען [אן אבערגלויבען וואס האט עקזיסטירט אין די אמאליגע צייטען].

inwall' *v.* (אינ-הוואהל') ארומרינגלען מיט ווענט; בעפעסטיגען מיט ווענט; ארוממויערען.

in'wall *n.* (אינ'-הוואהל) אן אינערליכע וואנד; די אינערליכע וואנד פון א קאלך-אויוועז.

in'ward *a., adv. and n.* (אינ'-הווארד) אינערער, אינווענינג, אינערליך; היימיש [אין געגענזאץ צו אויסלענדיש]; פערטרויט, אינטים; טיעף, נידריג, קוים הערבאר; אין דעם אינערען; אין געמיטה; דאס אינווענינגסטע, די אינגעווייד, די גערערים.

in'ward mon'itor (אינ'-הווארד מאנ'-אי-טאר) די אינערליכע שטימע, דאס געוויסען.

in'wardly *adv.* (אינ'-הווארד-לי) אינערליך; נאך אינווענינג; אין'ם געמיטה; אין געהיים, פריוואט; אין א נידריגען טאן, שטיל, ריידענדיג ווי צו זיך אליין.

in'wardness *n.* (אינ'-הווארד-נעס) אינווענינגקייט, אינערליכקייט; דער תוך, דער עצם; אינערליכע אדער ריכטיגע בעדייטונג.

in'ward peace (אינ'-הווארד פיעס) געמיטהס-רוה.

in'ward priv'ilege (אינ'-הווארד פריוו'-אי-לעדזש) פריוואט פאררעכט.

in'wards *adv.* (אינ'-הווארדז) אינווענינג; נאך אינווענינג; אין געמיטה.

inweave' *v.* (אינ-הוויעוו') איינוועבען, צוזאמענוועבען, צוזאמענפלעכטען.

inwork' *v.* (אינ-הווירק') אריינארבייטען; ארבייטען, אינערליך ווירקען, איינווירקען.

in'working *n.* (אינ'-הוויר-קינג) אינערליכע ווירקונג, אינערליכע קראפט.

inworn' *a.* (אינ-הווארן') אריינגעארבייט, איינגעווירקט.

inwove' (אינ-הוואוו') איינגעוועבט, פערפלאכטען. ז. *inweave*.

inwo'ven (אינ-הוואו'ווען) איינגעוועבט, פערפלאכטען. ז. *inweave*.

inwrap' *v.* (אינ-רעפ') איינוויקלען, אריינגעהמען, איינשליסען; ברייגנען אין פערלעגענהייט.

inwrap'ment *n.* (אינ-רעפ'-מענט) איינוויקלונג; איינהילונג.

inwreathe' *v.* (אינ-ריעטה') אומקראנצען, איינפלעכטען.

in wri'ting (אין ראי'-טינג) שריפטליך.

inwrought' (אינ-ראהט') אריינגעארבייט; בעציערט מיט פיגורען פון אנדערע שטאפען. ז. *inwork*.

I'o *n.* (אי'-או) אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע — יא, אינאקא'ס טאכטער, וועלכע די געטין הערא האט פערוואנדעלט אין א קאלב און שטארק געפייניגט אויס אייפערזוכט, ווייל צעאוס האט זי געליעבט; אין אסטראנאמיע — איינע פון די פיער לבנות, וועלכע בעוועגען זיך ארום פלאנעט יופיטער.

i'odate *n. and v.* (אי'-א-דייט) יאדזויער זאלץ; כעמיש פעראייניגען אדער בעשמירען מיט יאד.

iod'ic *a.* (אי-אד'-איק) וואס ענטהאלט יאד.

iod'ic ac'id (אי-אד'-איק עס'-איד) יאדזויערע.

i'odid *n.* (אי'-א-דיד) ז. *iodide*.

i'odide *n.* (אי'-א-דאיד) יאדיד, א יאדפערבינדונג מיט אן אנדערען כעמישען שטאף.

i'odide of mer'cury (אי'-א-דאיד אוו מויר'-קיו-רי) יאד-קוועקזילבער [א כעמישע פערבינדונג פון קוועקזילבער און יאד].

i'odide of potas'sium (אי'-א-דאיד אוו פא-טעס'-אי-אם) יאד-קאליום [א כעמישע פערבינדונג פון יאד און קאליום].

i'odide of sil'ver (אי'-א-דאיד אוו סיל'-ווער) יאד-זילבער [א כעמישע פערבינדונג פון יאד און זילבער].

i'odin *n.* (אי'-א-דין) ז. *iodine*.

i'odine *n.* (אי'-א-דין) יאד [א כעמישער עלעמענט וואס בעקומט זיך מייסטענס פון דעם אש פון ים-פלאנצען. ווערט געברויכט אין מעדיצין און אויך אין פאטאגראפיע].

i'odism *n.* (אי'-א-דיזם) א קראנקהאפטער צושטאנד וואס קומט פון נוצען צופיעל יאד אדער יאד-זויערע זאלצען.

i'odize *v.* (אי'-א-דאיז) אין מעדיצין — געברויכען יאד; צוגעבען יאד צו א כעמישען שטאף.

i'odoform *n. and v.* (אי'-א-דא-פארם) יאדאפארם [א געלבער פולווער מיט זעהר א שטארקען גערוך, וואס בעקומט זיך פון יאד און אלקאלי איבערגעברענט אין אלקאהאל און עטהער. ווערט געברויכט אין כירורגיע אלס אן אנטיסעפטישער מיטעל]; געברויכען יאדאפארם.

i'odure *n.* (אי'-א-דיור) א כעמישע פערבינדונג פון יאד מיט אן אנדער שטאף.

iod'uret *n.* (אי-אד'-יו-רעט) ז. *iodure*.

iod'yrite *n.* (אי-אד'-אי-ראיט) יאד-זילבער [אזא גלאנציגער מינעראל פון א העלגעלבען קאליר].

I. O. F. אן אבקירצונג פון די ווערטער *Independent Order of Foresters* (אינ-די-פענ'-דענט אהר'-דער אוו פאר'-עס-טערז) א געוויסער גרויסער ברידערליכער ארדען פאר געגענזייטיגער שטיצע אין אמעריקא.

i'olite *n.* (אי'-א-לאיט) דער יאליט [א מינעראל פון וויאלעט-בלויען קאליר מיט א רויטליכער אדער שווארצער שאטירונג].

Io'nian *a. and n.* (אי-או'-ני-ען) יאניש, וואס איז שייך צו די יאניער [אלט-גריכען וואס האבען געוואהנט אין אטיקא און אומגעגענד, אויף די אינזלען פון דעם אייגעאישען ים און אין קליין-אזיען] אדער צו יאניא [דאס לאנד פון די יאניער]; א יאניער.

Ion'ic *a. and n.* (אי-אנ'-איק) יאניש, וואס איז שייך צו יאניא אדער צו די יאניער; וואס איז שייך צו א יאנישען פערזען-פוס [אין פאעזיע]; א יאנישער פערזען-פוס [אין וועלכען עס בייטען זיך צוויי לאנגע זילבען מיט צוויי קורצע]; א יאנישער זייל [צייכענט זיך אויס דערמיט, וואס דער קאפ איז ביי די זייטען פערדרעהט ווי א ספיראל].

Ion'ic me'ter (אי-אנ'-איק מיע'-טער) דער יאנישער מעטער אדער פערזען-פוס. ז. *Ionic*.

Ion'ic or'der (אי-אנ'-איק אהר'-דער) אין ארכיטעקטור — דער יאנישער זייל [איינער פון די דריי אלט-גריכישע זיילען-פארמען, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס דער קאפ פון דעם זייל האט געהאט ספיראלען-עהנליכע בעציערונגען].



Ionic Order

I. O. O. F. אבקירצונג פון די ווערטער *Independent Order of Odd Fellows* (אינ-די-פענ'-דענט אהר'-דער אוו אד פעל'-אוז) א ברידערליכער ארדען פאר געגענזייטיגער שטיצע אין אמעריקא.

iop'terous *a.* (אי-אפ'-טע-ראס) וואס האט פליגלען פון א וויאלעט-קאליר [ווי געוויסע אינזעקטען].

io'ta *n.* (אי-או'-טא) די יאטע [דער גריכישע בוכשטאב *i*]; זעהר א קליינע צאהל; א קליינינקייט.

I O U (אי או יו) אן אבקירצונג פון די ווערטער *I owe you* [איך בין אייך שולדיג]. ווערט געברויכט אלס א מעמאראנדום צו בעשטעטיגען א חוב.

I'owan *a. and n.* (אי'-א-הווען) פון אייאווא, וואס איז שייך צו אייאווא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן איינוואהנער פון אייאווא.

ip'ecac *n.* (איפ'-אי-קעק) דער ברעך-ווארצעל [דער געטריקענטער ווארצעל פון אזעלכע בוימלעך וואס וואקסען אין אמעריקא. ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס א מיטעל צום ברעכען און צום אבפיהרען].

ipecacuan'ha *n.* (איפ-אי-קעק-יו-ענ'-א) ז. *ipecac*.

ip'se dix'it (איפ'-סי דיק'-סיט) אן אונבעגרינדעטע אדער ניט בעוויזענע בעהויפטונג, א דאגמא [די בוכשטעבליכע בעדייטונג פון דיעזע צוויי לאטיינישע ווערטער איז: ער אליין האט עס געזאגט].

ipsedix'itism *n.* (איפ-סי-דיק'-סיט-איזם) דאגמאטיזם, דאס האלטען זיך אן בעהויפטונגען אדער מאכען בעהויפטונגען אהן בעווייזע אדער אהן בעגרינדונגען.

ipsis'sima ver'ba (איפ-סיס'-אי-מא ווער'-בא) דיעזעלבע ווערטער; ווארט אין ווארט; בוכשטעבליך, ווערטערליך.

ip'so fac'to (איפ'-סאו פעק'-טאו) פאקטיש, טהאטזעכליך.

ip'so ju're (איפ'-סאו דזשו'-רע) לויט געזעץ, נאך'ן געזעץ.

ira'de *n.* (אי-רא'-דע) אן איראדע, א געשריבענער בעפעהל פון טערקישען סולטאן.

Ira'nian *a. and n.* (אי-ריי'-ני-ען) איראניש; פערזיש; וואס איז שייך צו איראן [א געגענד אין אזיע צווישען קורדיסטאן און הינדאסטאן]; וואס איז שייך צו פערזיען; וואס איז שייך צו דער גרופע ארישע שפראכען; אן איינוואהנער פון איראן; א מיטגליעד פון א ראסע וואס רעדט אויף איינער פון די ארישע שפראכען [פערזיש, זענד, פארס א. ז. וו.]. ז. *Arian*.

Iran'ic *a.* (אי-רענ'-איק) איראניש; אריש. ז. *Iranian*.

irascibil'ity *n.* (אי-רעס-אי-ביל'-אי-טי) אויפגערעגטקייט, רייצבארקייט, געניגטקייט צו צארן.

iras'cible *a.* (אי-רעס'-איבל) אויפגערעגט, רייצבאר, גענייגט צו צארן.

iras'cibleness *n.* (אי-רעס'-איבל-נעס) ז. *irascibility*.

iras'cibly *adv.* (אי-רעס'-אי-בלי) מיט געניגטקייט צו צארן; ווערענדיג אויפגערעגט אדער גערייצט.

irate' *a.* (אי-רייט') צארנדיג, אויפגערעגט.

ire *n.* (איר) צארן. כעס.

ire'ful *a.* (איר'-פול) צארנדיג.

ire'fully *adv.* (איר'-פול-אי) אויף א צארנדיגען אופן; זייענדיג אין כעס.

ire'fulness *n.* (איר'-פול-נעס) דאס זיין אין צארן; כעס, צארן.

Ire'land *n.* (איר'-לענד) אירלאנד.

i'renarch *n.* (אי'-רי-נארק) דער אירענארך, א פריעדענס-ריכטער אין דעם מזרח-טייל פון דער אלטער רוימישער אימפעריע.

Ire'ne *n.* (א-רי'-ני) אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע — אירענא, די געטין פון פריעדען; אין אסטראנאמיע — די 14טע קליינע פלאנעטע וואס בעוועגט זיך ארום דער זון.

iren'ic *a.* (אי-רענ'-איק) פריעדליך.

iren'ical *a.* (אי-רענ'-אי-קעל) ז. *irenic*.

iren'icon *n.* (אי-רענ'-אי-קאן) א פלאן אדער פארשלאג איינצופיהרען שלום [בעזאנדערס אין דער קירך].

i'ridal *a.* (אי'-רי-דעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צום רעגען-בויגען.

iridere'mia *n.* (איר-אי-דע-רי'-מי-א) דאס פעהלען פון דער רעגען-בויגען-הויט אין אויג [דער קאלירטער קרייז ארום דעם שווארץ-אפעל].

irides'cence *n.* (איר-אי-דעס'-ענס) דאס האבען די קאלירען ווי פון א רעגען-בויגען; דאס שימערירען פון קאלירען.

irides'cent *a.* (איר-אי-דעס'-ענט) קאלירט ווי א רעגען-בויגען; וואס שימערירען ווי די פארבען פון רעגען-בויגען.

irid'ian *a.* (אי-ריד'-אי-ען) וואס איז שייך צו דער רעגען-בויגען-הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז וואס געפינט זיך ארום שווארץ-אפעל].

irid'ium *n.* (אי-ריד'-אי-אם) אירידיום [א מין הארטער ווייסליכער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

i'ris *n.* (אי'-ריס) דער רעגען-בויגען; עטוואס וואס האט די עהנליכקייט צום רעגען-בויגען; די רעגען-בויגען-הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז ארום דעם שווארץ-אפעל]; די אירים אדער שווערט-ליליע [אזא פלאנצע מיט אן ארמאטישען גערוך. ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון צאהן-פולווער. ווערט אויך געברויכט אין מעדיצין אלס אן אבפיהר-מיטעל].

I'ris *n.* (אי'-ריס) אין מיטאלאגיע — איריס [די געטין פון רעגען-בויגען, וועלכע דיענט אויך אויף שליחות ביי די געטער]; די אירים-פלאנצען.

i'risated *a.* (אי'-רי-סיי-טעד) קאלירט ווי א רעגען-בויגען.

irisa'tion *n.* (אי-רי-סיי'-שאן) דאס האבען רעגען-בויגען קאלירען.

i'rised *a.* (אי'-ריסט) =וואס האט די פאר בען ווי פון א רעגנבויגן.

i'ris green (אי'-ריס גרין) אירים=גרין אדער ליליען=גרין [א זעהר העלער גרין].

I'rish *a. and n.* (אי'-ריש) =אירלענ דיש; די אירלענדישע שפראך; די איר= לענדער.

I'rish-Amer'ican *n. and a.* (-אי'- ריש-ע-מער'-אי-קען) אן אירלענדער וואס האט זיך בעזעצט אין אמעריקא; וואס איז שייך צו די אירלענדער, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין אמעריקא.

I'rishism *n.* (אי'-ריש-איזם) =דאס איי גענטימליכע אירלענדישעס [ווי די ארט פון ריידען, זיך בענעהמען א. ד. ג.].

I'rishman *n.* (אי'-ריש-מען) =אן איר לענדער.

I'rish moss (אי'-ריש מאהס) =אזא ים גראז, וואס ווערט בענוצט אלס שפייז.

I'rish pota'to (אי'-ריש פא-טיי'-טאו) געוועהנליכער קארטאפעל [בולבע].

I'rishry *n.* (אי'-ריש-רי) =דאס אירלענ דישע פאלק; א קאמפאניע אירלענדער; בערג און אינזעל=בעוואהנער.

I'rish stew (אי'-ריש סטיו) =געדעמפטע שעפסען=פלייש מיט ציבעלעס און קארטא פעל.

I'rishwoman *n.* (אי'-ריש-וואומ-ען) אן אירלענדעריז.

iri'tis *n.* (אי-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער רעגענבויגען=הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז ארום שווארץ=אפעל].

irk *v.* (אוירק) ערגערען, קרענקען.

irk'some *a.* (אוירק'-סאם) ,ערגערליך לעסטיג, ערמידענד, לאנגווייליג.

irk'somely *adv.* (אוירק'-סאמ-לי) אויף אן ערגערליכען, לעסטיגען אדער ערמי= דענדען אופן.

irk'someness *n.* (אוירק'-סאמ-נעס) =ער גערליכקייט, פערדריסליכקייט; בעשווער= ליכקייט, לעסטיגקייט, לאנגווייליגקייט.

i'ron *n., a. and v.* (אי'-ערן) ;אייזען אן אייזערנער; א ביגעל=אייזען אדער פלעט=אייזען; אן אייזערנער שנייד=געצייג, ווי א מעסער, א שווערד א. ד. ג.; גע= מאכט פון אייזען; ווי אייזען; בעשמידען מיט אייזען; שמידען אין קייטען; ביגלען, פלעטען.

i'ron age (אי'-ערן איידזש) =די אייזען פעריאדע [די פעריאדע אין דער קולטור= געשיכטע, ווען מענשען האבען אנגעפאנגען זיך צו בענוצען מיט אייזען צו מאכען דערפון זייערע געצייג].

i'ron-bound *a.* (אי'-ערן-באונד) =בע שלאגען מיט אייזען; ארומגערינגעלט מיט פעלזען; פעסט אדער שטייף ווי אייזען.

i'ron-cased *a.* (אי'-ערן-קייסט) =איינ געפאסט אין אייזען; בעדעקט מיט אייזען.

i'ron-clad *a.* (אי'-ערן-קלעד) בעדעקט מיט אייזען; שטייף ווי אייזען.

i'ronclad *n.* (אי'-ערן-קלעד) =א קריעגס שיף בעדעקט מיט אייזען.

i'roner *n.* (אי'-ערן-ער) א ביגלער, א פרעסער.

i'ron-fis'ted *a.* (אי'-ערן-פיס'-טעד) וואס האט א פערמאכטע האנד, וואס איז גייציג, קארג.

i'ron-foun'der *n.* (אי'-ערן-פאונ'-דער) אן אייזען=גיסער.

i'ron-foun'dry *n.* (אי'-ערן-פאונ'-דרי) אן אייזען=גיסעריי.

i'ron-gray *a. and n.* (אי'-ערן-גריי) אייזען=גרוי [גרוי ווי אייזען]; אן איי= זען=גרויער קאליר.

i'ron-han'ded *a.* (אי'-ערנ-הענ'-דעד) מיט אן אייזערנער האנד; שטרענג.

i'ron-head'ed *a.* (אי'-ערנ-העד'-עד) וואס האט אן אייזערנעם שפיץ אדער קאפ; הארטנעקיג, איינגעשפארט; ענטשלאסען, פעסט.

i'ron-hear'ted *a.* (אי'-ערנ-האר'-טעד) הארט=הערציג.

i'ron horse (אי'-ערן הארס) =א לאקא מאטיוו.

iron'ic *a.* (אי-ראנ'-איק) *ironical* .ז

iron'ical *a.* (אי-ראנ'-אי-קעל) ,איראניש שפאטיש.

iron'ically *adv.* (אי-ראנ'-אי-קעל-אי) אויף אן איראנישען שטייגער; מיט אי= ראניע.

iron'icalness *n.* (אי-ראנ'-אי-קעל-נעס) דאס זיין איראניש.

i'roning *n.* (אי'-ער-נינג) דאס ביגלען אדער פלעטען.

i'roning-board *n.* (אי'-ער-נינג-באורד) א ביגעל=ברעט.

i'roning-cloth *n.* (אי'-ער-נינג-קלאטה) א ביגעל=טוך [א שטיק שטאף וואס ווערט אונטערגעלעגט ביים ביגלען].

i'roning-machine' *n.* (-אי'-ער-נינג מע-שין') א ביגעל=מאשינקע, א ביגעל= אייזען.

i'ron-liqu'or *n.* (אי'-ערנ-ליק'-אר) אזא פליסיגקייט, וועלכע ענטהאלט אייזען, וואס ווערט געברויכט פון קליידער=פארבער.

i'ron-mas'ter *n.* (אי'-ערנ-מעס'-טער) אן אייזען=פאבריקאנט.

i'ron-mold *n. and v.* (אי'-ערנ-מאולד) דאס אראבנעהמען די פארב דורך אייזען= ראסט; אראבנעהמען די פארב דורך איי= זען=ראסט.

i'ronmonger *n.* (אי'-ערנ-מאנ-גער) אן אייזען=הענדלער, א הענדלער מיט אייזען= וואארען.

i'ronmongery *n.* (-אי'-ערנ-מאנ-גער אי) אייזען=האנדעל.

i'ron-o'cher *n.* (אי'-ערנ-או'-קער) =איי זען=אקער [אזא מין קאלירטע קרייד].

i'ron ore (אי'-ערן אור) אייזען=ערץ [אייזען אין אונבעארבייטעטען צושטאנד, ווי מען געפינט עס אין דער ערד].

i'ron-red *n.* (אי'-ערנ-רעד) אייזען=ראסט קאליר.

i'ron rule (אי'-ערן רוהל) דאס רעגירען מיט אן אייזערנער האנד.

i'ron-rust *n.* (אי'-ערנ-ראסט) =אייזען ראסט.

i'rons *n.* (אי'-ערנז) .קייטען, קאנדאלען

i'ron-sand *n.* (אי'-ערנ-סענד) =אייזען זאמד.

i'ron-saw *n.* (אי'-ערנ-סאה) א זעג צום שניידען אנגעגליהט אייזען.

i'ron-sick *a.* (אי'-ערנ-סיק) וואס האט פערראסטעטע אייזען=ווערק [וועגען א שיף].

i'ronside *n.* (אי'-ערנ-סאיד) *ironsides* .ז

i'ron-s'ided *a.* (אי'-ערנ-סאי'-דעד) אויפריהרעריש; וואס לאזט זיך ניט בע= הערשען; אייזען=פעסט.

i'ronsides *n.* (אי'-ערנ-סאידז) =אן איי זערנער כח; א שטארקער ווי אייזען [גע= וועהנליך געברויכט אלס ביי=נאמען פון א קריעגער, ווי וועגען די סאלדאטען פון קראמוועל א. ד. ג.].

i'ronsmith *n.* (אי'-ערנ-סמיטה) אן אייזען=שמיעד.

i'ron-stain *n.* (אי'-ערנ-סטיין) =אייזען פארב [א פארב וואס ווערט געמאכט פון אייזען=ראסט].

i'ronstone *n.* (אי'-ערנ-סטאון) =אייזען שטיין [אייזען=ערץ וואס ענטהאלט אין זיך פרעמדע שטאפען].

i'ronware *n.* (אי'-ערנ-הוועהר) =אייזען געשיר; אייזען=וואארען.

i'ronweed *n.* (אי'-ערנ-הוויעד) אזא גראז מיט פלאכע פורפור=רויטע קעפלעך. וואקסט אין די מזרח=געגענדען פון נארד= אמעריקא.

i'ronwood *n.* (אי'-ערנ-הוואוד) =אייזען האלץ [א הארט האלץ פון געוויסע בוי= מער]; דער אייזען=בוים [א בוים מיט זעהר הארטען האלץ].

Ironwood

i'ronwork *n.* (אי'-ערנ-הוואירק) =אייזען ווערק; אייזען=געצייג, אייזען=זאכען.

i'ron-wor'ker *n.* (-אי'-ערנ-הוואיר קער) אן אייזען=ארבייטער.

i'ron-works *n.* (אי'-ערנ-הוואירקס) אייזען=ווערק; אן אייזען=פאבריק.

i'ronwort *n.* (אי'-ערנ-הווארט) דאס גליעד=קרויט [אזא גראז, וואס מען האט געהאלטען אלס א הייל=מיטעל צו א שניט פון א שווערד].

i'rony *a.* (אי'-ער-ני) וואס בעשטעהט פון אייזען; וואס איז עהנליך צו אייזען.

i'rony *n.* (אי'-רא-ני) ;איראניע; שפא= טעריי.

i'ron-yel'low *n.* (אי'-ערנ-יעל'-או) אייזען=ראסט=געלב [אלס פארב].

Iroquois' *n. and a.* (אי-רא-קהוואי') אן איראקעז [איינער פון פערבאנד, וועל= כע עם האבען אויסגעבילדעט פינף אינ= דיאנער שבטים אין שטאאט ניו יארק אין צפון=אמעריקא]; וואס בעלאנגט צו די אי= ראקעזען.

irra'diance *n.* (אי-ריי'-די-ענס) שטראהלונג, בעליכטונג; גלאנץ, פראכט.

irra'diancy *n.* (אי-ריי'-די-ענ-סי) *irradiance* .ז

irra'diant *a.* (אי-ריי'-די-ענט) =שטראה לענד.

irra'diate *v.* (אי-ריי'-די-אייט) =שטראה לען, בעשיינען; דורכשטראהלען, דורכ= דרינגען מיט שיין; בעלייכטען; מאכען גלענצענד; דערהויבען, בעעהרען; בע= ציערען; אויפקלעהרען.

irradia'tion *n.* (אי-ריי-די-איי'-שאן) בעשטראהלונג; שיינונג, בעשיינונג, בע= לייכטונג; אויפקלערונג; אין פיזיק — איראדיאציאן [די ערשיינונג ווען א בע= לויכטענע זאך אויף א טונקעלען גרונט זעהט אויס גרעסער ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט און טונקעלע זאכען אויף א בעלויכטענעם גרונט זעהען אויס קלענער ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט].

irra'diative *a.* (אי-רײ'-די-אײ-טיװ) שטראַהלענד, שײנענד, בעלײכטענד.
irrad'icate *v.* (אי-רעד'-אי-קײט) אײנ־װאָרצלען, בעפעסטיגען.
irra'tional *a. and n.* (אי-רעש'-אַנ-על) אירראַציאָנאַל, געגען דער פערנונפט, אונפערנינפטיג, אונלאָגיש; אַבסורד, זינ־לאָז; אין מאַטעמאַטיק — װאָס קען ניט גענוי אויסגעדריקט װערען ניט אין גאַנ־צע צאָהלען, ניט אין ברוך־צאָהלען; עט־װאָס װאָס האָט ניט קײן פערנונפט [װי למשל, די נידריגע מינים חיות, משוגעים אָדער אידיאָטען]; אַן אירראַציאָנאַלע צאָהל.
irra'tionalism *n.* (אי-רעש'-אַנ-על-איזם) אונפערנינפטיגקײט, דאָס זײן גע־געגען דער פערנונפט אָדער אַבסורד; אין פילאָזאָפיע — אירראַציאָנאַליזם [אַלס גע־גענזאַץ פון ראַציאָנאַליזם]. ז. *rationalism*.
irra'tionalist *n.* (אי-רעש'-אַנ-על-איסט) אַן אירראַציאָנאַליסט, אַן אַנהענ־גער פון אירראַציאָנאַליזם [אַלס גע־גענזאַץ צו ראַציאָנאַליזם]. ז. *rationalism*.
irrational'ity *n.* (אי-רעש-אַ-נעל'-אי-טי) אירראַציאָנאַליטעט, דאָס ניט לײגען זיך אויף'ן שכל, דאָס זײן געגען דער פער־נונפט; דאָס זײן אַבסורד; מאַנגעל אין פערנונפט.
irra'tionally *adv.* (אי-רעש'-אַנ-על-אי) אָהן פערשטאַנד, געגען דער פערנונפט, אַבסורד, אָהן אַ זינען.
irra'tionalness *n.* (אי-רעש'-אַנ-על-נעס) ז. *irrationality*.
irre'alizable *a.* (אי-ריע'-ע-לאַי-זעבל) װאָס מען קען ניט בעגרײפען אָדער בע־שטימען; װאָס מען קען ניט רעאַליזירען; װאָס מען קען ניט פערװירקליכען.
irrebut'table *a.* (איר-אי-באַט'-עבל) װאָס מען קען ניט צוריקשלאָגען, װידער־לעגען אָדער בעשטרײטען.
irrecip'rocal *a.* (איר-אי-סיפּ'-ראָ-קעל) ניט געגענזײטיג, ניט געגענזײטיג װירקענד.
irreclai'mable *a.* (איר-אי-קלײ'-מעבל) אונפערבעסערליך; װאָס מען קען ניט צוי־מען; װאָס קען ניט געפאָדערט װערען צוריק; װאָס קען ניט אויסגעלעזט אָדער אויסגעקױפט װערען.
irreclai'mableness *n.* (איר-אי-קלײ'-מעבל-נעס) אונפערבעסערליכקײט, אונ־צױמבאַרקײט; דאָס ניט קענען געפאָדערט װערען צוריק; אונאויסלעזבאַרקײט, אונ־אויסקױפבאַרקײט.
irreclai'mably *adv.* (איר-אי-קלײ'-מע-בלי) אויף אַן אונפערבעסערליכען אָדער אונצױמבאַרען אופן; אַזױ אַז מען קען עס ניט אויסלײזען אָדער אויסקוי־פען.
irrecogni'tion *n.* (אי-רעק-אַג-ניש'-אַן) דאָס ניט דערקענען, דאָס ניט בע־מערקען.
irrec'ognizable *a.* (אי-רעק'-אַג-נאַי-זעבל) װאָס איז ניט צו דערקענען.
irrec'oncilable *a. and n.* (אי-רעק'-אַנ-סאַי-לעבל) װאָס לאָזט זיך ניט אי־בערבעטען; װאָס װיל ניט שלום װער־דען; אונפעראײנבאַר: װאָס קען ניט האַרמאָנירען אָדער זיך צופּאַסען אײנס צום צװײטען; אײנער װאָס ענטזאָגט זיך שלום צו װערען אָדער אײנגעהן אויף קאָמפּראָמיסען [הויפּטזעכליך אין פּאָלי־טיק].
irrec'oncilableness *n.* (אי-רעק'-אַנ-סאַי-לעבל-נעס) דאָס ניט קענען שלום װע־רען; אונפעראײנבאַרקײט; אונפּאַסליכ־קײט; דאָס ניט קענען האַרמאָנירען.
irrec'oncilably *adv.* (אי-רעק'-אַנ-סאַי-לע-בלי) אַזױ אַז מען זאָל ניט קע־נען שלום מאַכען, צופּאַסען אײנס צום צװײטען, מאַכען האַרמאָניש אָדער פער־אײניגען.
irrec'oncile *v.* (אי-רעק'-אַנ-סאַיל) אונאײניג מאַכען.
irrec'oncilement *n.* (אי-רעק'-אַנ-סאַיל-מענט) פײנדליכקײט, דאָס ניט קע־נען שלום װערען, אונפעראײנבאַרקײט, דאָס ניט שטימען, אונהאַרמאָנישקײט.
irreconcilia'tion *n.* (אי-רעק-אַנ-סיל-אי-אײ'-שאַן) ז. *irreconcilement*.
irrecor'dable *a.* (איר-אי-קאָר'-דעבל) װאָס מען קען ניט אָדער װאָס עס פּאַסט ניט צו פּראָטאָקאָלירען [פערצײכנען, פערשרײבען] אָדער צו געדענקען.
irrecov'erable *a.* (איר-אי-קאַװ'-ער-עבל) װאָס מען קען ניט בעקומען צוריק; װאָס מען קען ניט העלפען אָדער פער־ריכטען.
irrecov'erableness *n.* (איר-אי-קאַװ'-ער-עבל-נעס) די אונמעגליכקײט צוריקגעקראָגען צו װערען; דאָס ניט קע־נען געהאָלפען אָדער פערריכט װערען.
irrecov'erably *adv.* (איר-אי-קאַװ'-ער-ע-בלי) ניט צו העלפען, ניט צו פער־ריכטען; אַזױ אַז מען קען ניט צוריק־קריגען.
irrecu'sable *a.* (איר-אי-קיו'-זעבל) װאָס מען קען ניט אַבשאַפען, װאָס מען קען ניט פערװאַרפען.
irredeemabil'ity *n.* (איר-אי-דיע-מע-ביל'-אי-טי) ז. *irredeemableness*.
irredee'mable *a.* (איר-אי-דיע'-מעבל) אונאויסלײזבאַר, אונאויסקױפבאַר; אונ־פערבעסערליך.
irredee'mableness *n.* (איר-אי-דיע'-מעבל-נעס) אונאויסלײזבאַרקײט, אונאויס־קױפבאַרקײט; אונפערבעסערליכקײט.
irredee'mably *adv.* (איר-אי-דיע'-מע-בלי) אַזױ אַז מען זאָל ניט קענען אויס־לײזען אָדער אויסקױפען; אויף אַן אונ־פערבעסערליכען אופן.
irreducibil'ity *n.* (איר-אי-דיו-סי-ביל'-אי-טי) אונפערמינדערליכקײט; די אונמעגליכקײט געבראַכט צו װערען צו אַן אַנדער צושטאַנד.
irredu'cible *a.* (איר-אי-דיו'-סיבל) װאָס קען ניט געבראַכט װערען צו אַן אַנ־דער צושטאַנד; װאָס קען ניט פערמינ־דערט װערען.
irredu'cibleness *n.* (איר-אי-דיו'-סיבל-נעס) ז. *irreducibility*.
irredu'cibly *adv.* (איר-אי-דיו'-סי-בלי) אַזױ אַז עס זאָל ניט קענען געבראַכט װערען צו אַן אַנדער צושטאַנד; אויף אַן אונפערמינדערליכען אופן.
irreflec'tive *a.* (איר-אי-פלעק'-טיװ) אונבעדאַכט, אונאיבערלעגט, ניט דענקענד.
irreflex'ive *a.* (איר-אי-פלעק'-סיװ) ניט רעפלעקטירענד, ניט צוריקשטראַהלענד. ז. *reflexive*.
irrefor'mable *a.* (איר-אי-פאָר'-מעבל) װאָס קען ניט רעפאָרמירט װערען, װאָס קען ניט געענדערט אָדער אויסגעבעסערט װערען.
irrefragabil'ity *n.* (אי-רעפ-רע-גע-ביל'-אי-טי) אונבעשטרײטבאַרקײט; דאָס ניט קענען אַבגעפרעגט װערען.
irref'ragable *a.* (אי-רעפ'-רע-געבל) אונבעשטרײטבאַר; װאָס מען קען ניט װי־דערלעגען, װאָס מען קען ניט אַבפרעגען.
irref'ragableness *n.* (אי-רעפ'-רע-געבל-נעס) ז. *irrefragability*.
irref'ragably *adv.* (אי-רעפ'-רע-גע-בלי) אויף אַן אונבעשטרײטבאַרען אופן; אויף אַן אופן װאָס מען קען ניט אַבפרע־גען.
irrefran'gible *a.* (איר-אי-פרענ'-דזשיבל) פעסט, אונצובּרעכבאַר, װאָס מען קען ניט ברעכען אָדער איבערטרעטען.
irrefran'gibly *adv.* (איר-אי-פרענ'-דזשי-בלי) אויף אַ פעסטען, אונצובּרעכ־באַרען אופן.
irrefutabil'ity *n.* (איר-אי-פיו-טע-ביל'-אי-טי) אונבעשרײטבאַרקײט.
irrefu'table *a.* (איר-אי-פיו'-טעבל) אונבעשטרײטבאַר.
irrefu'tably *adv.* (איר-אי-פיו'-טע-בלי) אויף אַן אונבעשטרײטבאַרען אופן.
irreg'ular *a. and n.* (אי-רעג'-יו-לאַר) אונרעגעלמעסיג; ניט אָרדנונגסמעסיג; אונמעטאָדיש; אונאָרדענטליך, ניט פּאַסיג, ניט אַנשטענדיג, זיטענלאָז, געזעצלאָז; ניט סימעטריש; װאָס האָט ניט קײן בע־שטימטע פאָרם [װענען בײנער פון מענש־ליכען קערפּער]; אײנער װאָס װײכט אַב פון די רעגעלען; אײנער װאָס איז ניט אין דער רעגולערער דיענסט [װי אַ סאָל־דאַט, למשל].
irregular'ity *n.* (אי-רעג-יו-לער'-אי-טי) אונרעגעלמעסיגקײט; אונמעטאָדיש־קײט, דאָס זײן אונסימעטריש.
irreg'ularly *adv.* (אי-רעג'-יו-לער-לי) אויף אַן אונרעגעלמעסיגען אופן; אָהן אַ מעטאָדע; אָהן סימעטריע; געגען די כּללים.
irreg'ulate *v.* (אי-רעג'-יו-לײט) ברײנ־גען אין אונאָרדנונג; מאַכען אונרעגעלמעסיג.
irreg'ulous *a.* (אי-רעג'-יו-לאַס) גע־זעצלאָז; זיטענלאָז; צולאָזען.
irrela'tion *n.* (איר-אי-לײ'-שאַן) דאָס ניט האָבען קײן בעציהונג, קײן שײכות אָדער קײן פערבינדונג.
irrel'ative *a. and n.* (אי-רעל'-ע-טיװ) װאָס האָט ניט קײן שײכות, קײן בעצי־הונג אָדער פערבינדונג; אין מוזיק — װאָס האָט ניט קײן געמײנזאַמע טענער; עט־װאָס װאָס האָט ניט קײן שײכות.
irrel'atively *adv.* (אי-רעל'-ע-טיװ-לי) אָהן אַ שײכות, אָהן פערבינדונגען.
irrel'evance *n.* (אי-רעל'-אי-װענס) ז. *irrelevancy*.
irrel'evancy *n.* (אי-רעל'-אי-װענ-סי) אונאַנװענדבאַרקײט, דאָס ניט האָבען קײן שײכות צום ענין.
irrel'evant *a.* (אי-רעל'-אי-װענט) אונ־אַנװענדבאַר, װאָס האָט קײן שײכות ניט צום ענין.
irrel'evantly *adv.* (אי-רעל'-אי-װענט-לי) אָהן שײכות צום ענין; אַזױ אַז מען קען עס ניט אַנװענדען.
irreliabil'ity *n.* (איר-אי-לאַי-ע-ביל'-אי-טי) אונצופערלעסיגקײט, דאָס ניט קע־נען זיך פערלאָזען.
irrelie'vable *a.* (איר-ע-ליי'-װעבל) אונפערבעסערליך; װאָס קען ניט פערלײכ־טערט װערען, װאָס קען ניט געהאָלפען װע־רען, װאָס קען ניט געהײלט װערען.
irrelig'ion *n.* (איר-אי-לידזש'-אַן) אונ־גלויבינגקײט, רעליגיאָנסלאָזיגקײט, גאָטלאָ־זיגקײט.
irrelig'ionist *n.* (איר-אי-לידזש'-אַנ-

איסט) א געגנער פון רעליגיאָן; אן אונגלויביגער.

irrelig'ious *a.* (איר-אי-לידזש'-אס) ניט רעליגיעז, אונגלויביג, גאָטלאָז; זינדיג.

irrelig'iously *adv.* (איר-אי-לידזש'-אס-לי) אויף אן אונגלויביגען אדער אונרעליגיעזען אופן; אויף א זינדיגען אופן.

irrelig'iousness *n.* (איר-אי-לידזש'-אס-נעס) אונגלויביגקייט, גאָטלאָזיגקייט.

irrem'eable *a.* (אי-רעמ'-אי-עבל) פון וועלכען מען קען זיך ניט צוריקקעהרען; וואס ערלויבט ניט קיין צוריקקעהר; וואס קעהרט זיך ניט אום.

irreme'diable *a.* (איר-אי-מי'-די-עבל) וואס מען קען ניט פערריכטען, וואס מען קען ניט העלפען, וואס קען ניט גוט געמאכט ווערען, וואס קען ניט פערבעסערט ווערען אדער געהיילט ווערען.

irreme'diableness *n.* (איר-אי-מי'-די-עבל-נעס) אונפערבעסערליכקייט; אונהיילבארקייט; דאס ניט קענען פערריכט אדער געהאָלפען ווערען; דאס ניט קענען גוט געמאכט ווערען.

irreme'diably *adv.* (איר-אי-מי'-די-ע-בלי) אזוי אז עס קען ניט געהאָלפען ווערען, פערריכט ווערען, גוט געמאכט ווערען, געהיילט ווערען אדער פערבעסערט ווערען.

irremis'sible *a.* (איר-אי-מיס'-איבל) אונפערצייהליך, אונפערגעבליך.

irremis'sibleness *n.* (איר-אי-מיס'-איבל-נעס) אונפערצייהליכקייט, אונפערגעבליכקייט.

irremis'sibly *adv.* (איר-אי-מיס'-אי-בלי) אויף אן אונפערצייהליכען אופן; אזוי אז עס קען ניט פערגעבען ווערען.

irremis'sion *n.* (איר-אי-מיש'-אן) דאס ניט וועלען פערצייהען אדער פערגעבען.

irremis'sive *a.* (איר-אי-מיס'-איוו) אונפערצייהליך, וואס קען ניט פערגעבען ווערען; וואס וויל ניט פערצייהען.

irremit'table *a.* (איר-אי-מיט'-עבל) ז. ***irremissible***

irremovabil'ity *n.* (איר-אי-מו-ווע-ביל'-אי-טי) בעשטענדיגקייט, דאס ניט קען ניט געענדערט און פערביטען ווערען מיט אן אנדערען אדער מיט עפעס אנדערס; דאס ניט קענען ארונטערגעזעצט ווערען [פון אמט].

irremo'vable *a.* (איר-אי-מו'-וועבל) אונבעוועגליך, בעשטענדיג, וואס קען ניט געענדערט און פערביטען ווערען אויף אן אנדערען; וואס קען ניט ארונטערגעזעצט ווערען [פון אמט].

irremo'vableness *n.* (איר-אי-מו'-וועבל-נעס) ז. ***irremovability***

irremo'vably *adv.* (איר-אי-מו'-ווע-בלי) אזוי אז מען קען ניט בעזייטיגען אדער ארונטערזעצען.

irremu'nerable *a.* (איר-אי-מיו'-נע-רעבל) וואס ווערט ניט בעלוינט; וואס קען ניט בעצאהלט ווערען.

irreparabil'ity *n.* (אי-רעפ-ע-רע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען גוט געמאכט ווערען, פערריכט ווערען אדער צוריקגעשטעלט ווערען.

irrep'arable *a.* (אי-רעפ'-ע-רעבל) וואס קען ניט גוט געמאכט ווערען, פערריכט ווערען אדער צוריקגעשטעלט ווערען.

irrep'arableness *n.* (אי-רעפ'-ע-רעבל-נעס) ז. ***irreparability***

irrep'arably *adv.* (אי-רעפ'-ע-רע-בלי) אזוי אז עס קען ניט פערריכט ווערען אדער גוט געמאכט ווערען.

irrepealabil'ity *n.* (איר-אי-פיע-לע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען צוריקגערופען ווערען אדער אבגעשאפט ווערען.

irrepea'lable *a.* (איר-אי-פיע'-לעבל) וואס מען קען ניט צוריקרופען אדער אבשאפען.

irrepea'lably *adv.* (איר-אי-פיע'-לע-בלי) אזוי אז עס זאל ניט קענען צוריקגערופען ווערען אדער אבגעשאפט ווערען.

irrepea'lableness *n.* (איר-אי-פיע'-לעבל-נעס) ז. ***irrepealability***

irrepen'tance *n.* (איר-אי-פענ'-טענס) דאס ניט האבען קיין חרטה, דאס ניט טהאן קיין תשובה.

irrepla'ceable *a.* (איר-אי-פליי'-סעבל) וואס קען ניט ערזעצט ווערען, וואס אן אנדער זאך קען ניט פערנעהמען זיין פלאץ.

irreplev'iable *a.* (איר-אי-פלעוו'-אי-עבל) אונאויסלעזליך; וואס קען ניט בעפרייט ווערען פון א פערבאט.

irreplev'isable *a.* (איר-אי-פלעוו'-אי-זעבל) ז. ***irrepleviable***

irreprehen'sible *a.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סיבל) אונטאדעלהאפט [וואס איז ניט צו טאדלען].

irreprehen'sibleness *n.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סיבל-נעס) אונטאדעלהאפטיגקייט, דאס ניט קענען געטאדעלט ווערען.

irreprehen'sibly *adv.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סי-בלי) אהן טאדעל; אויף אן אונטאדעלהאפטען שטייגער; אזוי אז עס זאל ניט זיין פאר וואס צו טאדלען.

irrepresen'table *a.* (אי-רעפ-רי-זענ'-טעבל) וואס קען ניט פארגעשטעלט ווערען.

irrepress'ible *a.* (איר-אי-פרעס'-איבל) אונאונטערדריקבאר, וואס מען קען ניט אונטערדריקען.

irrepress'ibly *adv.* (איר-אי-פרעס'-אי-בלי) אויף אן אונאונטערדריקבארען אופן; ניט צום אונטערדריקען.

irrepress'ive *a.* (איר-אי-פרעס'-איוו) וואס איז ניט צום אונטערדריקען.

irreproa'chable *a.* (איר-אי-פראו'-טשעבל) טאדעללאָז, אונטאדעלהאפט, וואס מען קען ניט טאדלען אדער קריטיקירען.

irreproa'chableness *n.* (איר-אי-פראו'-טשעבל-נעס) טאדעללאָזיגקייט.

irreproa'chably *adv.* (איר-אי-פראו'-טשע-בלי) אויף א טאדעללאָזען אופן; ניט צום קריטיקירען.

irreprodu'cible *a.* (אי-רי-פרא-דיו'-סיבל) וואס קען ניט רעפראָדוצירט ווערען; וואס קען ניט נאך אמאל ערצייגט אדער ארויסגעבראכט ווערען.

irreproduc'tive *a.* (אי-רי-פרא-דאק'-טיוו) ז. ***irreproducible***

irrepro'vable *a.* (איר-אי-פרו'-וועבל) וואס מען קען קיין פארווירפע ניט מאכען; וואס מען קען ניט טאדלען.

irrepro'vableness *n.* (איר-אי-פרו'-וועבל-נעס) דאס ניט קענען מאכען קיין פארווירפע; טאדעללאָזיגקייט.

irrepro'vably *adv.* (איר-אי-פרו'-ווע-בלי) אויף אן אופן וואס מען קען ניט מאכען קיין פארווירפע אדער טאדלען.

irresil'ient *a.* (איר-אי-סיל'-אי-ענט) וואס שפרינגט ניט אב צוריק.

irresis'tance *n.* (איר-אי-זיס'-טענס) דאס ניט ארויסווייזען קיין ווידערשטאנד; בלינדע געהארכזאמקייט.

irresistibil'ity *n.* (איר-אי-זיס-טי-ביל'-אי-טי) אונווידערשטעהליכקייט, אונמעגליכקייט צו געבען א ווידערשטאנד אדער זיך שטעלען אנטקעגען.

irresis'tible *a.* (איר-אי-זיס'-טיבל) אונווידערשטעהליך, וואס מען קען ניט ווידערשטעהן, וואס מען קען זיך ניט שטעלען אנטקעגען.

irresis'tibleness *n.* (איר-אי-זיס'-טיבל-נעס) ז. ***irresistibility***

irresis'tibly *adv.* (איר-אי-זיס'-טי-בלי) אויף אן אונווידערשטעהליכען אופן; אזוי דאס מען קען ניט ווידערשטעהן.

irres'oluble *a.* (אי-רעז'-א-ליובל) אונאויפלעזבאר, וואס מען קען ניט אויפלעזען, צולאזען אדער צושמעלצען.

irres'olubleness *n.* (אי-רעז'-א-ליובל-נעס) אונאויפלעזבארקייט, די אונמעגליכקייט אויפצולעזען, צולאזען אדער צושמעלצען.

irres'olute *a.* (אי-רעז'-א-ליוט) אונענטשלאָסען.

irres'olutely *adv.* (אי-רעז'-א-ליוט-לי) אויף אן אונענטשלאָסענעם אופן.

irres'oluteness *n.* (אי-רעז'-א-ליוט-נעס) אונענטשלאָסענהייט.

irresolu'tion *n.* (אי-רעז-א-ליו'-שאן) ז. ***irresoluteness***

irresolvabil'ity *n.* (איר-אי-זאל-ווע-ביל'-אי-טי) אונאויפלעזבארקייט, די אונמעגליכקייט אויפגעלעזט צו ווערען.

irresol'vable *a.* (איר-אי-זאל'-וועבל) אונאויפלעזבאר, וואס קען ניט אויפגעלעזט ווערען.

irresol'vableness *n.* (איר-אי-זאל'-וועבל-נעס) ז. ***irresolvability***

irresolved' *a.* (איר-אי-זאלווד') אונענטשלאָסען.

irresol'vedly *adv.* (איר-אי-זאל'-וועד-לי) מיט אונענטשלאָסענהייט.

irrespec'tive *a.* (איר-אי-ספעק'-טיוו) אהן ריקזיכט; ניט אכטענדיג; ניט נעהמענדיג אין בעטראכט.

irrespec'tively *adv.* (איר-אי-ספעק'-טיוו-לי) ניט נעהמענדיג אין בעטראכט; ניט אכטענדיג; ניט נעהמענדיג קיין ריקזיכט.

irrespir'able *a.* (איר-אי-ספאיר'-עבל) וואס מען קען ניט איינאטהעמען; וואס טויג ניט איינצואטהעמען.

irrespon'dence *n.* (איר-אי-ספאנ'-דענס) דאס זיין ניט ענטשפרעכענד.

irresponsibil'ity *n.* (איר-אי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) אונפעראנטווארטליכקייט.

irrespon'sible *a.* (איר-אי-ספאנ'-סיבל) אונפעראנטווארטליך.

irrespon'sibly *adv.* (איר-אי-ספאנ'-סי-בלי) ניט זייענדיג פעראנטווארטליך.

irrespon'sive *a.* (איר-אי-ספאנ'-סיוו) ניט געבענדיג קיין ענטפער; ניט ענטשפרעכענד.

irrespon'siveness *n.* (איר-אי-ספאנ'-סיוו-נעס) דאס ניט קענען אדער ניט וועלען געבען אן ענטפער; דאס זיין ניט ענטשפרעכענד.

irrestrai'nable *a.* (איר-אי-סטריי'-נעבל) וואס מען קען ניט איינשרענקען אדער צוריקהאלטען; וואס קען ניט איינגעצוימט ווערען.

irrestric'tive *a.* (איר-אי-סטריק'-טיוו) וואס איז ניט איינצושרענקען אדער צו בעשרענקען.

irresul'tive *a.* (איר-אי-זאל'-טיוו) רעזולטאטלאָז; צוועקלאָז.

irresus'citable *a.* (איר-אי-סאס'-אי-טעבל) וואס קען ניט אויפגעלעבט ווערען.

irresus'citably *adv.* (איר-אי-סאס'-אי-טע-בלי) אזוי אז עס קען ניט אויפגעלעבט ווערען.

irreten'tion *n.* (איר-אי-טענ'-שאן) דאס ניט קענען האלטען, שוואכקייט.

irreten'tive *a.* (איר-אי-טענ'-טיוו) ניט האלטענד, ניט איינהאלטענד, שוואך [ווי דער זכרון, למשל].

irret'icent *a.* (איר-רעט'-אי-סענט) ניט פערשווייגענד.

irretra'ceable *a.* (איר-אי-טריי'-סעבל) וואס מען קען ניט ווידערהאלען, צוריקגעהן, אבפרישען אין זכרון, צוריקפיהרען צום אורקוואל אדער איבערצייכנען.

irretrac'tile *a.* (איר-אי-טרעק'-טיל) וואס מען קען ניט אריינציהען אדער צוריקציהען.

irretrievabil'ity *n.* (איר-אי-טריע-ווע-ביל'-אי-טי) אונערזעצליכקייט; די אונמעגליכקייט צוריק גוט געמאכט צו ווערען; דאס ניט קענען מעהר צוריקגעקעהרט ווערען.

irretrie'vable *a.* (איר-אי-טריע'-ועבל) אונערזעצליך, וואס קען ניט צוריק גוט געמאכט ווערען, וואס קען מעהר ניט צוריקגעקעהרט ווערען.

irretrie'vableness *n.* (אי-רי-טריע'-ועבל-נעס) ז. *irretrievability*

irretrie'vably *adv.* (איר-אי-טריע'-וע-בלי) אונערזעצליך; ניט קענענדיג צוריק גוט געמאכט ווערען; ניט קענענדיג מעהר צוריק אומגעקעהרט ווערען.

irretur'nable *a.* (איר-אי-טויר'-נעבל) וואס מען קען ניט צוריקקעהרען אדער צוריקברייננגען.

irrevea'lable *a.* (איר-אי-וויע'-לעבל) וואס קען ניט ענטדעקט ווערען, וואס קען ניט געמאכט ווערען אפענבאר.

irrevea'lably *adv.* (איר-אי-וויע'-לע-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט צו ענטדעקען.

irrev'erence *n.* (אי-רעוו'-ע-רענס) דאס ניט עהרען אדער אכטען; גרינגשעצונג; דאס ניט אכטען גאט און הייליגקייטען.

irrev'erent *a.* (אי-רעוו'-ע-רענט) ניט אכטענד, ניט עהרענד; גרינגשעצענד.

irrev'erently *adv.* (אי-רעוו'-ער-ענט-לי) ניט עהרענדיג; גרינגשעצענדיג.

irreversibil'ity *n.* (איר-אי-וואיר-סי-ביל'-אי-טי) די אונמעגליכקייט צו ענדערען אדער צוריקצורופען.

irrever'sible *a.* (איר-אי-וואיר'-סיבל) וואס מען קען ניט מעהר ענדערען; וואס מען קען ניט צוריקרופען אדער אנולירען.

irrever'sibleness *n.* (איר-אי-וואיר'-סיבל-נעס) ז. *irreversibility*

irrever'sibly *adv.* (איר-אי-וואיר'-סי-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט צו ענדערען אדער צוריקצורופען.

irrever'tible *a.* (איר-אי-וואיר'-טיבל) ניט צו ענדערען; ניט צוריקצוציהען, ניט צוריקצואווענדען, ניט צוריקצוקעהרען.

irrevocabil'ity *n.* (אי-רעוו-א-קע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען צוריקגערופען ווערען; אונפערמיידליכקייט.

irrev'ocable *a.* (אי-רעוו'-א-קעבל) אונווידעררופליך, וואס מען קען ניט צוריקרופען; אונפערמיידליך.

irrev'ocableness *n.* (אי-רעוו'-א-קעבל-נעס) ז. *irrevocability*

irrev'ocably *adv.* (אי-רעוו'-א-קע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט צוריקגערופען ווערען; אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

irrhetor'ical *a.* (איר-אי-טאר'-אי-קעל) ניט רהעטאריש, ניט רעדנעריש.

ir'rigable *a.* (איר'-אי-געבל) וואס מען קען בעוואסערען.

ir'rigate *v.* (איר'-אי-גייט) בעוואסערען; בעפייכטען.

irriga'tion *n.* (איר-אי-גיי'-שאן) בעוואסערונג; בעפייכטונג.

ir'rigator *n.* (איר'-אי-גיי-טאר) איינער אדער עפעס וואס בעוואסערט; אן אפאראט צום אויסשפריצען.

irrig'uous *a.* (אי-ריג'-יו-אס) בעוואסערט; בעפייכטעט.

irri'sion *n.* (אי-ריזש'-אן) פערשפאטונג, אבלאכונג.

irri'sory *a.* (אי-ראי'-סא-רי) אבשפאטענד, אבלאכענד.

irritabil'ity *n.* (איר-אי-טע-ביל'-אי-טי) רייצבארקייט; אויפרעגבארקייט.

ir'ritable *a.* (איר'-אי-טעבל) רייצבאר, אויפרעגבאר.

ir'ritableness *n.* (איר'-אי-טעבל-נעס) ז. *irritability*

ir'ritably *adv.* (איר'-אי-טע-בלי) אויף א רייצארבען אדער אויפרעגבארען אופן.

ir'ritancy *n.* (איר'-אי-טענ-סי) דאס רייצען; דאס אויפרעגען; אויפרעגונג.

ir'ritant *a. and n.* (איר'-אי-טענט) וואס רייצט; אויפרעגענד; וואס פעראורזאכט שמערצען, היץ אדער ענטצינדונג; א רייץ=מיטעל; א מיטעל וואס רופט ארויס שמערצען אדער ענטצינדונג.

ir'ritate *v.* (איר'-אי-טייט) רייצען; אויפרעגען; אריינברייננגען אין צארן.

ir'ritating *a.* (איר'-אי-טיי-טינג) וואס רייצט; אויפרעגענד; אריינברייננגענדיג אין צארן.

ir'ritatingly *adv.* (איר'-אי-טיי-טינג-לי) רייצענדיג; אויפרעגענדיג.

irrita'tion *n.* (איר-אי-טיי'-שאן) רייצונג; אויפרעגונג; אויפרייצונג; אויפגעבראכטקייט; דאס אריינברייננגען אין צארן.

ir'ritative *a.* (איר'-אי-טיי-טיוו) אויפרייצענד; אויפרעגענד.

ir'ritatory *a.* (איר'-אי-טיי-טא-רי) וואס רייצט אויף; וואס רעגט אויף.

irrora'tion *n.* (איר-א-ריי'-שאן) דאס בענעצען מיט טוי; דאס זיין בענעצט מיט טוי; דאס זיין געשפרענקעלט, געפלעקט [ווי די פליגעל פון א שמעטערלינג].

irrota'tional *a.* (איר-א-טיי'-שאנ-על) אונדרעהבאר, וואס דרעהט זיך ניט.

irrupt' *v.* (אי-ראפט') דורכברעכען; אריינברעכען, אריינדרינגען מיט גוואלט.

irrup'tion *n.* (אי-ראפ'-שאן) אן אריינברוך, דאס אריינברעכען זיך, דאס אריינדרינגען מיט גוואלט.

irrup'tive *a.* (אי-ראפ'-טיוו) זיך אריינברעכענד, אריינדרינגענד מיט גוואלט.

Ir'vingite *n.* (אויר'-ווינג-איט) אן אירווינגיאנער [א מיטגליעד פון א געוויסער קריסטליכער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון דעם שאטלענדישען גייסטליכען עדווארד אירווינג אין 18טען יאהרהונדערט].

is (איז) איז [דריטע פערזאן איינצאהל פון ***be***].

is'abel *n.* (איז'-ע-בעל) איזאבעל=פארב [א געלב=גרויע אדער ברוין=גרויע פארב].

isabel'la *n.* (איז-ע-בעל'-א) ז. *isabel*

is'abelle *n.* (איז'-ע-בעל) ז. *isabel*

isabel'line *a.* (איז-ע-בעל'-אין) עהנליך צו איזאבעל=פארב; פון איזאבעל=קאליר [געלב=גרוי אדער ברוין=גרוי].

isagog'ic *a.* (אי-סע-גאדזש'-איק) איינלייטענד; וואס איז שייך צו אן איינלייטונג [בעזאנדערס וועגען דער איינלייטונג צו דער איבערזעצונג פון דער ביבעל].

isagog'ical *a.* (אי-סע-גאדזש'-אי-קעל) ז. *isagogic*

i'sagon *n.* (אי'-סע-גאן) א גלייכעקיגע אדער גלייכזייטיגע געאמעטרישע פיגור.

Isaian'ic *a.* (אי-זיי-יענ'-איק) וואס איז שייך צו ישעיה הנביא.

isan'drous *a.* (אי-סענ'-דראס) אין באטאניק — וואס די בלומען=שטענגלעך זיינען אלע גלייך און אין דערזעלביגער צאהל ווי די בלומען=בלעטלעך.

isan'therous *a.* (אי-סענ'-טהער-אס) אין באטאניק — וואס די שטויב=בייטלען זיינען אלע גלייך.

isan'thous *a.* (אי-סענ'-טהאס) אין באטאניק — וואס האט רעגולערע בלומען.

i'satis *n.* (אי'-סע-טיס) דער ווייסער פוקס; דער פאלאר=פוקס.

Iscariot'ical *a.* (איס-קער-אי-אט'-אי-קעל) אין דער קריסטליכער רעליגיאן — וואס איז שייך צו יודא איסקאריאט, איינער פון די 12 אפאסטאלען פון קריסטוס, וועלכער האט איהם פערראטען; פעררעטעריש.

ischiad'ic *a.* (איס-קי-עד'-איק) ז. *ischiatic*

is'chial *a.* (איס'-קי-על) ז. *ischiatic*

ischial'gia *n.* (איס-קי-על'-דזשי-א) שמערץ אין די היפטען.

ischiat'ic *a.* (איס-קי-עט'-איק) וואס געהערט צו די היפטען.

is'chium *n.* (איס'-קי-אם) דער היפטען=ביין; דער דריטער געלענק אין דעם זיבען=געלענקיגען פוס פון א ראק [קרעבס].

ischuret'ic *n. and a.* (איס-קיו-רעט'-איק) א מיטעל צום אבטרייבען אורין [השתנה]; וואס האט די אייגענשאפט אבצוטרייבען אורין.

ischu'ria *n.* (איס-קיו'-רי-א) א פערהאלטונג פון אורין [השתנה].

is'chury *n.* (איס'-קיו-רי) ז. *ischuria*

Ish'maelite *n.* (איש'-מע-על-איט) א ישמעאלי, איינער וואס שטאמט פון ישמעאל'ען [אברהם'ס זוהן פון הגר'ען]; א קריעגערישער מענש, א מענש וואס איז אין פיינדליכע בעציהונגען צו דער געזעלשאפט.

Ish'maelitish *a.* (איש'-מע-על-אי-טיש) ווי א ישמעאלי. ז. *Ishmaelite*

I'siac *a.* (אי'-סי-עק) וואס איז שייך צו איזיס [די הויפט=געטין אין פארצייטיגען עגיפטען (מצרים)]

i'singlass *n.* (אי'-זינ-גלעס) פיש=קליי [א געוויסער זארט קליי וואס ווערט געמאכט פון דעם פענכער פון פיש]; מאריענגלאז אדער גלימער [אזא מינעראל].

i'singlass-stone *n.* (אי'-זינ-גלעס-סטאון) מאריענגלאז אדער גלימער [אזא מינעראל].

I'sis *n.* (אי'-סיס) איזיס [די הויפט=געטין אין דעם פארצייטיגען עגיפטען (מצרים)].

Is'lam *n.* (איס'-לאם) איסלאם, מאכמעדאניזם; די מאכמעדאנישע וועלט.

Islam'ic *a.* (איס-לעמ'-איק) מאכמעדאניש.

Is'lamism *n.* (איס'-לעמ-איזם) מאכמעדאניזם.

Is'lamist *n.* (איס'-לעמ-איסט) א מאכמעדאנער.

Is'lamite *n.* (איס'-לעמ-איט) א מאכמעדאנער.

Islamit'ic *a.* (איס-לע-מיט'-איק) מאכמעדאניש.

Is'lamize *v.* (איס'-לעמ-איז) בעקעהרען צום איסלאם אדער צום מאכמעדאנישען גלויבען; מאכען מאכמעדאניש.

is'land *n. and v.* (אי'-לענד) אן אינזעל; מאכען עס זאל אויסזעהן ווי אן אינזעל.

is'lander *n.* (אי'-לענ-דער) אן אינזעלאייכוואהנער.

is'land of safe'ty (אי'-לענד אוו סייפ'-טי) א פלאטפארמע אין מיטען פון א רוישיגער גאס, וואו די פארבייגעהער שטעלען זיך אב, אום אויסצומיידען די וואגענס, טראמוואיען א. ז. וו.

is'land plat'form (אי'-לענד פלעט'-פארם) א פלאטפארמע צווישען צוויי רייהען שינען [רעלסען].

isle *n. and v.* (איל) ז. *island*

isle of safe'ty (איל אוו סייפ'-טי) ז. *island of safety*

isle of saints (איל אוו סיינטס) דער אינזעל פון די הייליגע [אירלאנד].

is'let *n.* (אי'-לעט) א קליינער אינזעל.

ism *n.* (איזם) אן "איזם", אן "איזמוס" [א דאקטרין, א לעהרע, א ריכטונג, א געזעלשאפטליכע בעוועגונג, ווי למשל, נאציאנאליזם, סאציאליזם, אנארכיזם, ספיריטואליזם, ראדיקאליזם, קאנסערוואטיזם א. ד. ג.].

Ismael'ian *n.* (איס-מע-על'-אי-ען) ז. *Ismailian*

Ismail'ian *n.* (איס-מע-איל'-אי-ען) אן איזמאעליט, איינער פון א געוויסער סעקטע פון די מאכמעדאנישע שיאיטען, וועלכע האלטען, אז זיי שטאמען אב פון ישמעאל'ען, הגר'ס זוהן.

ismat'ic *a.* (איז-מעט'-איק) וואס איז שייך צו "איזמען" אדער "איזמוסען". ז. *ism*

isoabnor'mal *n.* (אי-סאו-עב-נאר'-מעל) א ליניע אויף א געאגראפישער קארטע וואס פעראייניגט די פלעצער וואס האבען דיזעלבע אבווייכונג פון דער נארמאלער טעמפעראטור.

i'sobar *n.* (אי'-סא-באר) אן איזאבארע, א ליניע אויף א געאגראפישער קארטע, וואס פעראייניגט אלע פונקטען אויף דער ערד, וואו דער לופט-דרוק איז דערזעלבער; א ליניע וואס פעראייניגט אלע פונקטען פון גלייכען דרוק.

isobar'ic *a.* (אי-סא-בער'-איק) איזאבאריש, וואס צייגט אן גלייכען לופטדרוק אדער גלייכע געוויכט.

i'sobarism *n.* (אי'-סא-באר-איזם) עהנליכקייט אדער גלייכקייט פון געוויכט.

isobaromet'ric *a.* (אי-סא-בער-א-מעט'-ריק) איזאבאראמעטריש, איזאבאריש. ז. *isobaric*

isochei'mal *a.* (אי-סא-קאי'-מעל) ז. *isochimal*

i'sochimal *a.* (אי'-סא-קאי-מעל) וואס האט אדער וואס צייגט דיזעלבע ווינטערטעמפעראטור.

i'sochime *n.* (אי'-סא-קאים) אן איזאכימע, א ליניע אויף א געאגראפישער קארטע וואס געהט דורך די פונקטען, וועלכע האבען דיזעלבע ווינטער-טעמפעראטור.

isochromat'ic *a.* (אי-סא-קרא-מעט'-איק) וואס האט דעמזעלבען קאליר; גלייכפארביג.

isoch'ronal *a.* (אי-סאק'-רא-נעל) גלייכצייטיג, וואס נעהמט דיזעלבע צייט עס צו טהאן.

isoch'ronal line (אי-סאק'-רא-נעל לאין) א ליניע, א ריכטונג, נאך וועלכער א שווערער קערפער לאזט זיך ארונטער אזוי אז זיין שנעלקייט פערגרעסערט זיך ניט און פערקלענערט זיך ניט.

isoch'ronally *adv.* (אי-סאק'-רא-נעל-אי) אויף א גלייכצייטיגען אופן; אזוי אז עס זאל נעהמען דיזעלבע צייט.

isochron'ic *a.* (אי-סא-קראנ'-איק) וואס קומט פאר אין גלייכע צייט-אינטערוואלען.

isoch'ronism *n.* (אי-סאק'-רא-ניזם) גלייכצייטיגקייט; די אייגענשאפט פון א פערפענדיקעל, וועלכער מאכט זיינע שווינגונגען אין גלייכע צייט-אינטערוואלען.

isoch'ronize *v.* (אי-סאק'-רא-נאיז) מאכען אז די שווינגונגען [ווי פון א פערפענדיקעל] זאלען פארקומען אין גלייכע צייט-אינטערוואלען; איינשטעלען א גלייכצייטיגקייט אדער א גלייכמעסיגקייט.

isoch'ronous *a.* (אי-סאק'-רא-נאס) ז. *isochronal*

isoch'ronously *adv.* (אי-סאק'-רא-נאס-לי) ז. *isochronally*

isocli'nal *a.* (אי-סא-קלאי'-נעל) וואס האט דעמזעלבען נייגונגס-ווינקעל [וועגען א מאגנעט-נאדעל אדער וועגען די ערד-שיכטען].

isoclin'ic *a.* (אי-סא-קלינ'-איק) ז. *isoclinal*

isoc'racy *n.* (אי-סאק'-רע-סי) א סיסטעם פון רעגיערונג, וואו אלע האבען גלייכע פאליטישע רעכטען; גלייכהייט פון פאליטישע רעכטען.

i'socrat *n.* (אי'-סא-קרעט) אן אנהענגער פון גלייכע פאליטישע רעכטען פאר אלעמען.

isocrat'ic *a.* (אי-סא-קרעט'-איק) וואס גלויבט אין גלייכע פאליטישע רעכטען פאר אלעמען; וואס איז שייך צו א רעגיערונגס-סיסטעם פון גלייכע פאליטישע רעכטען.

isodem'ic *a.* (אי-סא-דעמ'-איק) פון גלייכער בעפעלקערונג; פון גלייכער געדיכטקייט.

isodiamet'ric *a.* (אי-סא-דאי-ע-מעט'-ריק) וואס איז פון א גלייכען דיאמעטער.

isodiamet'rical *a.* (אי-סא-דאי-ע-מעט'-רי-קעל) ז. *isodiametric*

isodynam'ic *a. and n.* (אי-סא-דאי-נעמ'-איק) וואס האט דיזעלביגע קראפט; אן איזאדינאמישע ליניע [א ליניע וועלכע פעראייניגט די פונקטען פון דער ערד וואו די מאגנעטישע קראפט איז דיזעלבע].

isodynam'ic line (אי-סא-דאי-נעמ'-איק לאין) אן איזאדינאמישע ליניע. ז. *isodynamic*

isody'namous *a.* (אי-סא-דאי'-נע-מאס) וואס האט גלייכע קראפט; וואס איז פון דערזעלביגער גרויס.

isog'enous *a.* (אי-סאדזש'-ע-נאס) פון דערזעלביגער אבשטאמונג.

isog'eny *n.* (אי-סאדזש'-ע-ני) די גלייכקייט פון אבשטאמונג.

i'sogon *n.* (אי'-סא-גאן) אין געאמעטריע — אן איזאגאן [א פיגור וואס אלע זיינע ווינקלען זיינען גלייך].

isog'onal *a. and n.* (אי-סאג'-א-נעל) איזאגאנאל, וואס אלע ווינקלען זיינען גלייך; אן איזאגאנישע ליניע [א ליניע וועלכע פערבינדט די פונקטען פון דער ערד-אויבערפלעכע, וואו די אבווייכונגען פון דער מאגנעטישער נאדעל פון דעםווירקליכען נארד-פאל איז דיזעלבע פאר א געוויסער צייט-פעריאדע].

isogon'ic *a.* (אי-סא-גאנ'-איק) איזאגאנאל. ז. *isogon*

isog'raphy *n.* (אי-סאג'-רע-פי) דאס נאכמאכען א האנדשריפט.

is'olable *a.* (איס'-א-לעבל אדער אי'-סא-לעבל) וואס מען קען איזאלירען אדער אבזונדערען; אין כעמיע—וואס מען קען ערהאלטען ריין, אהן פרעמדע ביימישונגען.

is'olate *v. and a.* (איס'-א-לייט) איזאלירען, אבזונדערען; אין כעמיע — ערהאלטען א שטאף אין זיין ריינעם צושטאנד אהן פרעמדע ביימישונגען; איזאלירט, אבגעזונדערט.

is'olated *a.* (איס'-א-ליי-טעד) איזאלירט, אבגעזונדערט.

isola'tion *n.* (איס-א-ליי'-שאן) איזאלירונג, אבזונדערונג; אבגעזונדערטקייט.

isola'tion hos'pital (איס-א-ליי'-שאן האס'-פי-טעל) א האספיטאל וואו מען האלט אבגעזונדערט אנשטעקענדע קראנקע.

isola'tionist *n.* (איס-א-ליי'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון דער טאקטיק, אז די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא דארף זיך ניט מישען אין אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען; איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז א נייע ראסע קאן ניט געשאפען ווערען דורך נאטירליכער אבקלייבונג, סיידען די אינדיווידואומס, פון וועלכע די נייע ראסע דארף ארויסקומען, ווערען אבגעזונדערט פון די איבריגע פון זייער מין.

isola'tion ward (איס-א-ליי'-שאן הוואהרד) אן אבטיילונג אין א האספיטאל, וואו מען האלט אבגעזונדערט אנשטעקענדע קראנקע.

is'olator *n.* (איס'-א-ליי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס איזאלירט אדער זונדערט אב; אן איזאלאטאר. ז. *insulator*

isome'ria *n.* (אי-סא-מי'-רי-א) גלייכטיילינקייט, דאס צוטיילען אין גלייכע חלקים.

isomer'ic *a.* (אי-סא-מער'-איק) אין כעמיע — איזאמעריש. ז. *isomerism*

isomer'ical *a.* (אי-סא-מער'-אי-קעל) ז. *isomeric*

isomer'ically *adv.* (אי-סא-מער'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו איזאמעריזם. ז. *isomerism*

isom'erism *n.* (אי-סאמ'-ע-ריזם) אין כעמיע — איזאמעריזם, דאס האבען דיזעלבע פארם און מאלעקולאר-געוויכט אבער פערשיעדענע פיזישע און כעמישע אייגענשאפטען.

isom'erous *a.* (אי-סאמ'-ע-ראס) אין באטאניק — וואס איז צונויפגעשטעלט פון א גלייכער צאהל טיילען; אין כעמיע — וואס האט דיזעלבינע פארם און מאלעקולאר-געוויכט, נאר אנדערע פיזיקאלישע און כעמישע אייגענשאפטען.

i'somery *n.* (אי'-סא-מער-אי) ז. *isomerism*

isomet'ric *a.* (אי-סא-מעט'-ריק) פון גלייכער מאס; וואס האט דריי גלייכע

אקסען פערפענדיקולאר איינער צום אנדערען [ווענען קריסטאלען].

isomet'rical *a.* (אי-סא-מעט'-רי-קעל) ז. *isometric*.

isomet'rograph *n.* (אי-סא-מעט'-רא-גרעף) אן איזאמעטראגראף [אן אינסטרומענט צום צייכענען ליניען, וועלכע דארפען זיין גלייך אבגעשטעלט איינע פון די אנדערע].

isomor'phic *a.* (אי-סא-מאר'-פיק) וואס האט דיזעלביגע פארם אדער קאנסטרוקציאן; וואס האט דיזעלביגע קריסטאליזירונגס=פארם; אין ביאלאגיע — וואס האט דיזעלביגע געשטאלט.

isomor'phism *n.* (אי-סא-מאר'-פיזם) אין כעמיע — איזאמארפיזם, די גלייכגעשטאלטיגקייט אין קריסטאלישער בעציהונג, דאס האבען גלייכע קריסטאלפארמען.

isomor'phous *a.* (אי-סא-מאר'-פאס) איזאמארפיש, פון גלייכער געשטאלט; וואס האט דיזעלבע קריסטאל=פארמען.

isono'mia *n.* (אי-סא-נאו'-מי-א) ז. *isonomy*.

isonom'ic *a.* (אי-סא-נאמ'-איק) וואס האט דיזעלביגע געזעצען, וואס זיינען גלייך אין זייערע געזעצען און רעכטען; פון דערזעלביגער ארט אדער ענטשטעהונג [ווענען געוויסע כעמישע פערבינדונגען].

ison'omy *n.* (אי-סאנ'-א-מי) די גלייכארטיגקייט פון געזעצען און רעכטען.

isop'athy *n.* (אי-סאפ'-ע-טהי) איזאפאטיע, די טעאריע, אז א קראנקהייט קען אויסגעהיילט ווערען מיט דעם פראדוקט פון דערזעלביגער קראנקהייט, ווי פאקען— מיט קליינע דאזען פון פאקען=מאטעריע; דאס גלויבען, אז א קראנקער ארגאן קען געהיילט ווערען, ווען דער חולה עסט אויף דעמזעלביגען ארגאן פון א געזונטער בשעפעניש.

isoperimet'rical *a.* (אי-סא-פער-אי-מעט'-רי-קעל) פון גלייכער גרויס, פון גלייכען אומפאנג [ווענען געאמעטרישע פיגורען].

isoperim'etry *n.* (אי-סא-פע-רימ'-ע-טרי) די לעהרע ווענען געאמעטרישע פיגורען וועלכע האבען א גלייכען אומפאנג.

i'sopod *a. and n.* (אי'-סא-פאד) גלייכפיסיג; וואס איז שייך צו די איזאפאדען [וואסער=בעשעפענישען בעדעקט מיט א הארטער שאלעכץ, ווי קרעבסען, וואס האבען זיבען פאר פיס, וועלכע זיינען אלע גלייך]; אן איזאפאד.



Isopod

Isop'oda *n.* (אי-סאפ'-א-דא) איזאפאדען [א מין וואסער=בעשעפענישען וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטער שאלעכץ ווי קרעבסען, וועלכע האבען זיבען פאר פיס וואס זיינען אלע גלייך].

isop'odan *a. and n.* (אי-סאפ'-א-דען) וואס איז שייך צו די איזאפאדען; איינער פון די איזאפאדען. ז. *Isopoda*.

i'sopode *a. and n.* (אי'-סא-פאוד) ז. *isopodan*.

isopod'iform *a.* (אי-סא-פאד'-אי-פארם) עהנליך צו אן איזאפאד; פלאך, לענגליך, זעקס=פיסיג. ז. *isopod*.

isop'odous *a.* (אי-סאפ'-א-דאס) גלייכפיסיג; וואס איז שייך צו די איזאפאדען. ז. *Isopoda*.

isopol'ity *n.* (אי-סא-פאל'-אי-טי) גלייכע פאליטישע רעכטען פאר די בירגער פון פערשיעדענע געמיינדען אדער לענדער.

isos'celes *a.* (אי-סאס'-ע-ליז) וואס האט צוויי גלייכע זייטען [ווענען געאמעטרישע פיגורען].

Isosceles Triangle

isos'celes tri'angle (אי-סאס'-ע-ליז טראי'-ענגל) א דריי=עק, ביי וועלכען צוויי זייטען זיינען גלייך.

isoseis'mal *a. and n.* (אי-סא-סאיס'-מעל) וואס פעראייניגט די פונקטען אויף דער ערד, וואו א ערד=ציטערניש האט זיך געפיהלט מיט דערזעלבער קראפט; א ליניע וואס פעראייניגט דיעזע פונקטען.

isoseis'mic *a.* (אי-סא-סאיס'-מיק) וואס פעראייניגט די פונקטען [אויף א לאנד=קארטע], וואו אן ערדציטערניש האט זיך געפיהלט מיט דערזעלבער קראפט.

i'sotely *n.* (אי'-סא-טעל-אי) אין אטהען [אין אלט=גריכענלאנד] — די גלייכבערעכטיגונג פאר'ן געזעץ וואס איז געגעבען געווארען צו די פרעמדע אדער גרים.

i'sotheral *a.* (אי'-סא-טהיע-רעל) איזאטהעריש, וואס פערבינדט די פונקטען [אויף א לאנד=קארטע], וועלכע האבען דיזעלבע דורכשניטליכע זומער=טעמפעראטור; וואס צייגט אן אזעלכע פונקטען [ווי א ליניע אדער א לאנד=קארטע].

i'sothere *n.* (אי'-סא-טהיער) אן איזאטהערע [א ליניע אויף א לאנד=קארטע, וואס פערבינדט די פונקטען, וועלכע האבען דיזעלבע דורכשניטליכע זומער=טעמפעראטור].

i'sotherm *n.* (אי'-סא-טהוירם) אן איזאטהערמע, א ליניע וואס פעראייניגט אויף א לאנד=קארטע אלע פונקטען פון דער ערד וואס האבען א גלייכע טעמפעראטור; א ליניע וואס פעראייניגט פונקטען פון א גלייכער טעמפעראטור.

isother'mal *a. and n.* (אי-סא-טהויר'-מעל) וואס האט דיזעלביגע טעמפעראטור; וואס פערגלייכט די טעמפעראטור; וואס צייגט די טעמפעראטור אין פערשיעדענע טיילען פון דער ערד; אן איזאטהערמע. ז. *isotherm*.

isother'mous *a.* (אי-סא-טהויר'-מאס) ז. *isothermal*.

isotherom'brose *n.* (אי-סא-טהע-ראמ'-בראוס) אין געאגראפיע — וואס האבען דעמזעלבען דורכשניטליכען רעגעןפאל; וואס בעצייכענט [אויף א לאנד=קארטע] די פונקטען, וועלכע האבען דעמזעלבען דורכשניטליכען רעגען=פאל.

isoton'ic *a.* (אי-סא-טאנ'-איק) וואס האבען דיזעלבע טענער, גלייכטאניג.

i'sotrope *a.* (אי'-סא-טראופ) ז. *isotropic*.

isotrop'ic *a.* (אי-סא-טראפ'-איק) איזאטראפיש, וואס האט אין אלע ריכטונגען דיזעלבע פיזישע אייגענשאפטען; וואס האט א גלייכע אדער געוועהנליכע ענטוויקלונגס=פעהיגקייט.

isot'ropism *n.* (אי-סאט'-רא-פיזם) איזאטראפיזם [דאס האבען אין אלע ריכטונגען דיזעלבע פיזישע אייגענשאפטען].

isot'ropous *a.* (אי-סאט'-רא-פאס) ז. *isotropic*.

i'sotropy *n.* (אי'-סא-טראו-פי) דאס זיין איזאטראפיש. ז. *isotropic*.

i'sotype *n.* (אי'-סא-טאיפ) אן איזאטיפ [א מין אדער א קלאס פון חיות וואס געפינט זיך אין צוויי אדער מעהרערע לענדער].

isotyp'ic *a.* (אי-סא-טיפ'-איק) איזאטיפיש. ז. *isotype*.

I'-spy' *n.* (אי'-ספאי') בעהעלטעניש [א קינדער=שפיעל]. ז. *hide-and-seek*.

Is'raelite *n.* (איז'-רע-על-איט) אן איזראעליט, א איד.

Israelit'ic *a.* (איז-רע-ע-ליט'-איק) איזראעליטיש, אידיש.

Israeli'tish *a.* (איז-רע-על-אי'-טיש) איזראעליטיש, אידיש; פון אידישער אבשטאמונג.

is'suable *a.* (איש'-או-עבל) וואס מען קען ארויסלאזען, ארויסגעבען, אויסטיילען אדער ארויסברייגגען; אין יוריספרודענץ — וואס קען פיהרען צו אן ענטשיידונג.

is'suably *adv.* (איש'-או-ע-בלי) אזוי אז עס זאל פיהרען צו אן ענטשיידונג.

is'suance *n.* (איש'-או-ענס) דאס ארויסגעבען, ארויסברייגגען, ארויסלאזען אדער פאנאנדערטיילען.

is'sue *n. and v.* (איש'-או) אן אויסגאנג; א רעזולטאט; א שלוס, אן ענד; אן אויספלוס; אן אבפלוס; אן אבלייטונגס=געשוויר אבצוציהען שלעכט בלוט פון קערפער; אן אבפלוס=עפנונג פאר בלוט אדער אייטער; אן ארויסגאנג; אן אויסגאבע; א צייטונגס=אויסגאבע; נאכקאמענשאפט, קינדער; אן ארויסגעבונג אדער ארויסלאזונג [ווי פון א בעפעהל]; איינקונפט; זייטיגע הכנסות; א ליפערונג; א שטרייט=פראגע וואס קומט ארויס פון א קלאגע; א געריכטליכע שלוס=פערהאנדלונג; א געריכטליכער אויסשפרוך; א זאך, וואס דארף ענטשיעדען ווערען; א שטרייט=פונקט; א פראגע צו וועלכער פארטייען מוזען נעהמען א שטעלונג; ארויסגעהן; ארויספליסען; ארויסקומען, ארויסשטאמען; ארויסוואקסען; קומען צו א רעזולטאט אדער צו א שלוס; ארויסשיקען, ליפערען; ארויסגעבען [א צייטונג, א שריפט א. ד. ג.]; ארויסלאזען [א בעפעהל]; מאכען אבהענגיג א געריכטליכע ענטשיידונג פון א בעשטימטען פונקט; ארויסגעהן פון א פונקט, וועלכער ווערט אנערקענט פון ביידע צדדים [אין א געריכטליכען פראצעס].

is'sue in fact (איש'-או אין פעקט) א פאקט וועלכען מען קען בעשטרייטען.

is'sue in law (איש'-או אין לאה) א שטרייטינער געזעץ=פונקט.

is'sueless *a.* (איש'-או-לעס) קינדערלאז, אהן קינדער.

is'sue-pea *n.* (איש'-או-פיע) א קייקעלע ווי אן ארבעס וואס ווערט געברויכט פאר אן אבלייטונגס=געשוויר אבצוציהען שלעכט בלוט פון קערפער.

is'suer *n.* (איש'-או-ער) אן ארויסגעבער.

ist *n.* (איסט) איינער וואס האלט זיך פאר וועלכער עס איז אידעע, בעוועגונג, טעאריע א. ד. ג. [ווי א סאציאליסט, א נאציאנאליסט א. ז. וו.].
He is some kind of an ist.

isth'mian *a. and n.* (איסט'-מי-ען) וואס איז שייך צו א לאנד=ענגע [א שמאל שטיק לאנד וואס פעראייניגט צוויי גרויסע טיילען לאנד]; א בעוואהנער פון א לאנד=ענגע.

isthmi'tis *n.* (איסט-מאי'-טיס) האלז=ענטצינדונג.

isth'mus *n.* (איסט'-מאס) א לאנד=ענגע [א שמאל שטיק לאנד וואס פעראייניגט

צוויי גרויסע טיילען לאנד]; א שייד־וואנטעל, א שייד־הייטעל.

it *pr.* (איט) עס; ער, זיא [פון טהיערע און ניט־לעבעדיגע זאכען].

Ital'ian *a. and n.* (אי־טעל'־יען) איטאליעניש; אן איטאליענער; די איטאליענישע שפראך.

Ital'ianism *n.* (אי־טעל'־יען־איזם) די איטאליענישע שפראך־אייגענטימליכקייטען; די איטאליענישע קולטור, דער איטאליענישער גייסט א. ד. ג.

Italianiza'tion *n.* (אי־טעל־יען־אי־זיי'־שאן) דאס ווערען איטאליעניש.

Ital'ianize *v.* (אי־טעל'־יען־איז) מאכען אדער ווערען איטאליעניש.

Ital'ian mil'let (אי־טעל'־יען מיל'־עט) אזא גראז וואס ווערט בענוצט אלס פוטער פאר בהמות.

ז. איל. *"Grasses and their Allies"*

Ital'ic *a. and n.* (אי־טעל'־איק) אלט־איטאליעניש; וואס איז שייך צו די אלט־איטאליענישע שבטים אדער שפראכען; די איטאליענישע שפראכען־גרופע.

ital'ic *n. and a.* (אי־טעל'־איק) קורסיוו־שריפט [די דרוק־שריפט וואס זעהט אויס נעהנטער צו די געשריבענע בוכשטאבען]; קורסיוו, וואס געהערט צו דער קורסיוו־שריפט.

Ital'icism *n.* (אי־טעל'־אים־איזם) ז. *Italianism*

ital'icize *v.* (אי־טעל'־אי־סאיז) דרוקען אין קורסיוו־שריפט; אונטערשטרייכען.

italiciza'tion *n.* (אי־טעל־אי־סי־זיי'־שאן) ז. *italicizing*

ital'icizing *n.* (אי־טעל'־אי־סאי־זינג) דאס דרוקען אין קורסיוו־שריפט; דאס אונטערשטרייכען.

ital'ics *n.* (אי־טעל'־איקס) קורסיוו־שריפט, קורסיוו־בוכשטאבען.

This line is set in italics.

itch *n. and v.* (איטש) א קרעץ; א בייסעניש, א יוקעניש; א בעגיערדע, א חשק; יוקען, בייסען [צום קראצען זיך]; פערלאנגען, בעגעהרען.

itch'iness *n.* (איטש'־אי־נעס) א בייסעניש, א יוקעניש.

itch'ing *n.* (איטש'־אינג) א בייסעניש, א יוקעניש; אן אויפרייצענדער אדער קיצעלדינער בעגעהר.

itch'ing palm (איטש'־אינג פאהם) א גיעריגע האנד; גיעריגקייט; א כאבארניק.

itch'-mite *n.* (איטש'־מאיט) א קרעץ־לויז [אזא קליינע לויז וואס עסט זיך איין אין הויט אדער אין קרעץ און פעראורזאכט א שטארקע בייסעניש].

Itch-mite

itch'y *a.* (איטש'־אי) קרעציג, בייסיג.

i'tem *n., adv. and v.* (אי'־טעם) א רעכנונגס־פאסטען אין א בוך; א דעטאיל, א פרט; א פאראגראף, אבזאץ אדער שטיקעל נייעס אין א צייטונג; דעסגלייכען, ווי אויך; פערצייכענען, מאכען א נאטיץ.

i'temize *v.* (אי'־טעם־איז) ספעציפיזירען, פערצייכענען אין איינצעלהייטען, פרט פאר פרט; אויסשטעלען אין א רעכנונג יעדען פאסטען בעזונדער.

i'temizer *n.* (אי'־טעם־אי־זער) איינער וואס שטעלט צו פרטים אדער נייעס־ארטיקלען פאר צייטונגען.

it'erable *a.* (איט'־ע־רעבל) וואס איז צום ווידערהאלען [איבער'חזר'ען].

it'erant *a.* (איט'־ע־רענט) ווידערהאלענד, איבער'חזר'ענד.

it'erate *v.* (איט'־ע־רייט) ווידערהאלען, איבער'חזר'ען.

itera'tion *n.* (איט־ע־ריי'־שאן) א ווידערהאלונג, אן איבער'חזר'ונג.

it'erative *a.* (איט'־ע־ריי־טיוו) ווידערהאלענד, איבער'חזר'ענדיג; ווידערהאלט, איבערגע'חזר'ט.

Ith'acan *a. and n.* (איטה'־ע־קען) וואס איז שייך צום אינזעל איטהאקא [איינער פון די יאנישע אינזלען וואס ווערט דערמאהנט אין דער גריכישער מיטאלאגיע אלס די היים פון אדיסעאוס]; אן איינוואהנער פון איטהאקא.

itin'eracy *n.* (אי־טינ'־ע־ריי־סי) ז. *itinerancy*

itin'erancy *n.* (אי־טינ'־ע־רענ־סי) דאס ארומוואנדערען, דאס ארומרייזען; דאס ארומרייזען פון ארט צו ארט וועגען געשעפטס־אנגעלעגנהייטען.

itin'erant *a. and n.* (אי־טינ'־ע־רענט) ארומוואנדערענד, ארומרייזענד; א רייזענדער; א וואנדערער.

itin'erantly *adv.* (אי־טינ'־ע־רענט־לי) אויף אן ארומוואנדערענדען אופן; ארומרייזענדיג.

itin'erary *a. and n.* (אי־טינ'־ע־רע־רי) ארומוואנדערענד; ארומרייזענד; וואס איז שייך צו אן ארומרייזע; א רייזע־טור; א רייזע־בוך; א רייזע־בעשרייבונג; אן ארומרייזע.

itin'erate *v.* (אי־טינ'־ע־רייט) רייזען; וואנדערען.

it's (איטס) א פעראיינפאכונג פון *it is*

its (איטס) זיינס, וואס בעלאנגט אדער איז שייך צו דעם [געניטיוו פון *it*].

itself' *pr.* (איט־סעלף') דאס זעלבסט; זיך זעלבסט.

it'tria *n.* (איט'־רי־א) די איטער־ערד [אזא מינעראל]. ז. *yttra*

it'trium *n.* (איט'־רי־אם) איטריום [אזא כעמישער שטאף]. ז. *yttrium*

I've (איוו) א פעראיינפאכונג פון די ווערטער *I have*

i'vied *a.* (אי'־וויד) בעדעקט מיט עפיי אדער פליושטש [אזא קלעטערענדע פלאנצע]. ז. *ivy*

i'voried *a.* (אי'־ווא־ריד) געמאכט עהנליך צו עלפענביין.

i'vories *n.* (אי'־ווא־ריז) צייהנער.

i'vory *n. and a.* (אי'־ווא־רי) עלפענביין; א זאך וואס איז געמאכט פון עלפענביין; געמאכט פון אדער עהנליך צו עלפענביין.

i'vory-black' *n.* (אי'־ווא־רי־בלעק') עלפענביין־שווארץ; געברענטער עלפענביין.

i'vory-gull *n.* (אי'־ווא־רי־גאל) די עלפענביין־מעווע אדער טשאיקע [א פויגעל פון די קאלטע געגענדען מיט ווייסע פעדערען און שווארצע פיס].

i'vory-gum *n.* (אי'־ווא־רי־גאם) ז. *ivy-gum*

i'vory-nut *n.* (אי'־ווא־רי־נאט) עלפענביין־נוס אדער שטיין־נוס [די פרוכט פון דער עלפענביין־פאלמע].

i'vory-palm *n.* (אי'־ווא־רי־פאהם) די עלפענביין־פאלמע [אזא זיד־אמעריקאנישער בוים].

i'vory-pa'per *n.* (אי'־ווא־רי־פיי'־פער) עלפענביין־פאפיער, בריסטאל־פאפיער [אזא גלאט ווייס דרוק־פאפיער].

i'vory-sculp'ture *n.* (אי'־ווא־רי־סקאלפ'־טשור) עלפענביין־שניצעריי.

i'vory-tab'lets *n.* (אי'־ווא־רי־טעב'־לעטס) עלפענביין־טאוועלעך [צו מאכען נאטיצען].

i'vory-tree *n.* (אי'־ווא־רי־טריע) דער עלפענביין־בוים [א בוים מיט א הארטען ווייסען האלץ עהנליך צו עלפענביין].

i'vory-tur'ner *n.* (אי'־ווא־רי־טויר'־נער) א טאקער פון עלפענביין, אן ארבייטער ביי עלפענביין.

i'vorytype *n.* (אי'־ווא־רי־טאיפ) א א פאטאגראפיש בילד וואס בעשטעהט פון צוויי בילדער ארויפגעלעגט איינס אויף'ן אנדערען [דאס אויבערשטע בילד איז דורכזיכטיג].

i'vory-white' *n.* (אי'־ווא־רי־הוואיט') א מין ווייסע כינעזישע פארצעליי.

i'vory-wor'ker *n.* (אי'־ווא־רי־הוואיר'־קער) ז. *ivory-turner*

i'vory-yel'low *n.* (אי'־ווא־רי־יעל'־או) עלפענביין־געלב [א זעהר בלאסער געלבער קאליר].

i'vy *n.* (אי'־ווי) עפיי אדער פליושטש [אזא אימער גרינע קלעטערנדע פלאנצע מיט גלאנציגע בלעטער וואס בריינגט ארויס שווארצע יאגדעס].

Ivy

i'vy-ber'ry *n.* (אי'־ווי־בער'־אי) א יאגדע פון דער עפיי־פלאנצע [פליושטש]. ז. *ivy*

i'vy-gum *n.* (אי'־ווי־גאם) א פעכיגער זאפט פון דער עפיי־פלאנצע [פליושטש]. ז. *ivy*

i'vy-man'tled *a.* (אי'־ווי־מענ'טלד) ז. *ivied*

i'vy-owl *n.* (אי'־ווי־אול) די אייראפעאישע ברוינע נאכט־אוילע [סאווא].

i'vy-tears *n.* (אי'־ווי־טיערז) ז. *ivy-gum*

i'vy-tod *n.* (אי'־ווי־טאד) אן עפיי־קוסט. ז. *ivy*

I. W. W. אבקירצונג פון די ווערטער *Industrial Workers of the World*

iz'ar *n.* (איז'־אר) אזא מין לאנגער, ברייטער אויבער־מאנטעל [געברויכט אין די מאכמעדאנישע לענדער].

iz'ard *n.* (איז'־ארד) ז. *izzard*

iz'zar *n.* (איז'־אר) ז. *izar*

iz'zard *n.* (איז'־ארד) א פארצייטיגער נאמען פון דעם בוכשטאב *Z* [זעט]; אזא ווילדע פירענעאישע ציעג.

J

J, j (דזשיי) דער צעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

jab *v. and n.* (דזשעב) א ווארף טהאן מיט'ן שפיץ; שטעכען; כאפען פיש מיט א פיקע; א שטאך; א פיק.

jab'ber *v. and n.* (דזשעב'-ער) פלאפלען; פלוידערען; פלוידעריי.

jab'berer *n.* (דזשעב'-ער-ער) א פלאפלער, א פלוידערער, א באלטון.

jab'beringly *adv.* (דזשעב'-ער-אינג-לי) מעשה פלאפלער; דורך פלוידעריי.

jab'iru *n.* (דזשעב'-אי-רוה) דער רינגשטארך [א מין פויגעל וואס איז עהנליך צו א שטארך, געפינט זיך על פי רוב אין בראזיליען].

Jabiru

jabot' *n.* (זשא-באו') געוועבטע שפיצען וואס פרויען טראגען אויף דעם קארסעט אדער אלס האלז-טוך; א האלז-טוך פון ווייסע שפיצען, וועלכע מענער פלעגען טראגען אין 18טען יאהרהונדערט.

jac'amar *n.* (דזשעק'-ע-מאר) דער יאקאמאר אדער דער גרינער גלאנץ-פויגעל [א העל גרינער דרום-אמעריקאנער פויגעל מיט א לאנגען שנאבעל און קורצע שווארצע פים].

jaca'na *n.* (דזשע-קיי'-נא) אן אמעריקאנער זומפ-פויגעל מיט לאנגע פים און לאנגע גראדע פינגער, וועלכע מאכען איהם מעגליך צו לויפען איבער די ברייטע בלעטער, וואס בעדעקען א זומפ.

jac'a-tree *n.* (דזשעק'-ע-טריע) ז. *jack-tree*

jac'chus *n.* (דזשעק'-אס) א מין קליינע אפע, וואס איז עהנליך צו א וועווערקע.

ja'cent *a.* (דזשיי'-סענט) וואס ליעגט אויסגעצויגען אין דער לענג; ליעגענד.

ja'cinth *n.* (דזשיי'-סינטה) די היאצינטע [א מין בלום]; דער היאצינט [א מין טייערער שטיין, אן עדעלשטיין]. ז. *hyacinth*

Jack *n.* (דזשעק) א צונאמען אדער פערקלענערונגס-נאמען פון *John*; א מאטראז; א יונגער מאן, א בחור; א יאקאביט [אן אנהענגער פון דזשיימס דעם צווייטען, קעניג פון ענגלאנד, וועלכען מען האט אראבגעזעצט פון טהראן אין יאהר 1688].

jack *n. and v.* (דזשעק) א יונג, א דיענער; אן אונגעלומפערטער יונג; א וואלעט אדער אן אונטער [אין קארטען]; דער "ער" פון געוויסע טהיערע [בעזאנדערס פון עזלען]; א הויב-מאשין; א טייל פון א מאשין אדער וועלכע עס איז מעכאנישע פארריכטונג וואס ווערט בענוצט צום אונטערשטעלען אונטער עטוואס אדער אונטערשפארען; א שטיוועל-קנעכט [אזא בענקעלע אראבצוציהען די שטיוועל פון די פים]; א זעג-באק [א געשטעל וואס ווערט בענוצט צו זעגען האלץ]; א פרוזשינקע צו פערבינדען אן עלעקטרישען שטראם; א לאנטערנע מיט איין שויב וואס ווערט בענוצט צו פאנגען פיש; דאס אנשלאג-העמערעל אין א פיאנא; אן אויטאמאטישע פיגור אין געוויסע זייגערם צו שלאגען די שטונדען; א פארריכטונג אין א קוימען, אז דער רויך זאל ניט געטריבען ווערען צוריק; א קליינער העכט; א נאמען פון אייניגע זארטען פיש; א קרוג; א לעדערנער לאגעל; א ציעל-קוגעל [אין קוגעל-שפיעל — דער קוגעל וואס ווערט געווארפען אלס צייכען פאר די שפיעלער]; א פלאג פון א שיף וואס האט א צייכען פון פעראייניגונג [ווי דער פלאג פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא און פון גרויס בריטאניען]; אזא אונגעלומפערט פישער-שיפעל וואס די פישער אין ניו-פאונדלענד בענוצען; אזא לעדערנער יאק וואס די פוס-סאלדאטען פלעגען אמאל טראגען; א מאטראז; אזא פומפ; א האלץ-קלין; הויבען מיט א הויב-מאשין; פאנגען פיש ביי נאכט ביים שיין פון אן איינשויביגער לאנטערנע.

jack'adan'dy *n.* (דזשעק'-ע-דענ'-די) א פוסטער פראנט.

jack'al *n.* (דזשעק'-אהל) דער שאקאל [א מין ווילדער הונד, וואס איז עהנליך צו א פוקס]; א פערזאן וואס טהוט שמוציגע ארבייט פאר אן אנדערען; איינער וואס דיענט צום צוועק פון אן אנדערען.



Jackal

jack'alegs *n.* (דזשעק'-ע-לעגז) א הויכער מענש מיט לאנגע פים; א גרויס מעסער וואס לעגט זיך צונויף.

Jack'-a-Lent *n.* (דזשעק'-ע-לענט) ז. *Jack-o'-Lent*

jack'anapes *n.* (דזשעק'-ע-נייפס) אן אפע, אן אבעזיאנע; א פוסטער פראנט.

jack'-ape *n.* (דזשעק'-אייפ) אן "ער" אן אבעזיאנע [אפע].

jack'ass *n.* (דזשעק'-עס) אן "ער" אן עזעל; א נאר, א פראסטאק.

jack at a pinch (דזשעק עט ע פינטש) א מענש וואס איז אלע מאל אונטער דער האנד [ווען מען בענוצט אין א נויט]; א גלח וואס האט ניט קיין שטענדיגע שטעלע, נאר מען דינגט איהם אין אן איינצעלנעם פאל ווען א גלח איז נויטיג.

jack'-block *n.* (דזשעק'-בלאק) א קלאץ וואס ווערט בענוצט ארויפצוציהען און אראבצולאזען די פערלענגערונגס-שטיק פון א מאסט אויף א שיף.

jack'-boot *n.* (דזשעק'-בוהט) א וואסער-שטיוועל [שטיוועל מיט לאנגע כאליעוועס].

jack'-by-the-hedge' *n.* (דזשעק'-באי-טהי-העדזש') די ווילדע זענעפט-פלאנצע.

jack'daw *n.* (דזשעק'-דאה) די דאהלע אדער גאלקע [א קליינער שווארצער פויגעל פון דעם מין קראהען, וועלכער בויט זיין נעסט מייסטענס אין אלטע חורבות].

jack'et *n. and v.* (דזשעק'-עט) א זשאקעט; א יאק, א קאמיזעלקע; אן אומשלאג, אן איינוויקלונג; א צונויפגעלעגט פאפיער אדער אן אפענער קאנווערט, וועלכער ענטהאלט אין זיך אן אפיציעלען פאפיער אדער דאקומענט; בעדעקען מיט אן אומשלאג; איינוויקלען; קלאפען אדער שלאגען מיט עפעס; אנברעכען די ביינער.

jack'eting *n.* (דזשעק'-עט-אינג) דאס צייג פון וועלכען מען נעהט זשאקעטען אדער רעק; צייג מיט וועלכען מען וויקעלט איין וואסער-רעהרען אדער דאמפף-רעהרען; דאס אנברעכען די ביינער.

jack'-fish'ing *n.* (דזשעק'-פיש'-אינג) דאס פאנגען העכט; דאס פאנגען פיש ביי נאכט מיט דער הילף פון אן איינשויביגער לאנטערנע.

jack'-flag *n.* (דזשעק'-פלעג) א פלאג-צייכען וואס מען הויבט אויף אויף דעם פאדערשטען שפיץ פון א שיף.

jack'-frame *n.* (דזשעק'-פריים) א פאר-ריכטונג אויף א שפין-מאשין אנצואוויקלען פאדים אויף דער שפולע.

jack'-fri'ar *n.* (דזשעק'-פראי'-ער) א הומאריסטישער נאמען פאר א גלח.

jack'-hare *n.* (דזשעק'-העהר) א האז אן "ער".

jack'-in-a-box' *n.* (דזשעק'-אינ-ע-באקס') א מין שפיעלצייג אין א קעסטעל, וואס שפרינגט ארויס, ווען דאס קעסטעל עפענט זיך; א פעדלער אדער קאראבעלניק וואס האלט זיין גאנצע סחורה אין א קעסטעל אויף די פלייצעס; א מין שפיעל, וואו א שפיציגער שטעקעל שטעקט ארויס פון א לאך אין א קעסטעל, אויף'ן שטעקעל לעגט זיך א זאך און ביי א ווארף מיט אן אנדער שטעקעל מוז די זאך אראבפאלען אין לאך פון קעסטעל; דאס ראהמשפינדעל אין א שפין-מאשין; א גרויסע הילצערנע שרויף, וואס שרויפט זיך אריין אין א קעסטעל און דיענט אויפצוהויבען שווערע זאכען; א מין פלאנצע מיט א גרויסען נוס; א מין ראק אדער קרעבס.

jack in of'fice (דזשעק אין אפ'-אים) א נאטשאלניק, וואס מאכט פון זיך גרויס פאראד.

jack'-in-the-box' *n.* (דזשעק'-אין-טהי-באקס') ז. *jack-in-a-box*

Jack in the green (דזשעק אין טהי גריען) א מענש פערקליידעט אין געריב־טע גרינע בלעטער [אלס פיגור ביים פּא־ראד פון די קוימען־קעהרער אין די אמא־ליגע צייטען דעם 1טען מאי].

Jack Ketch (דזשעק קעטש) א הענקער, א תליון, א שארף־ריכטער.

jack′-knife *n.* (דזשעק′-נאיף) א טא־שען־מעסער; אין טעלעפאן־סטאציאנען — א פּרוזשינע וואס ווערט בענוצט צו פער־איינינגען טעלעפאן־דראטען.

jack′-lamp *n.* (דזשעק′-לעמפּ) א לאנ־טערנע, צו וועלכער עס שטעלט זיך צו א גלאז־צילינדער.

jack′man *n.* (דזשעק′-מען) א סאלדאט וואס טראגט א לעדערנעם יאק [די פארם פון מיטעלאלטערליכע מיליטער־קליידער].

Jack of all trades (דזשעק אוו אהל טריידז) א מושלם, א "כל־בו′ניק"; איי־נער וואס טויג צו אלע מלאכות; איינער וואס נעהמט זיך צו אלע מלאכות און קען קיין זאך ניט.

Jack of the dust (דזשעק אוו טהי דאסט) א געהילף ביים אויסטיילען פּרא־וויזיאן אויף אן אמעריקאנער קריעגס־שיף.

Jack′-o′-lan′tern *n.* (דזשעק′-א-לענ′-טערן) אן אירליכט [וואס בעווייזט זיך איבער זומפען]; א שפּיעלצייג־לאנטערנע.

jack′-o′-legs′ *n.* (דזשעק′-א-לעגז′) ז. *jackalegs*

Jack′-o′-Lent′ *n.* (דזשעק′-א-לענט′) א פיגור אין צוריסענע טראנטעס, וועלכע פלעגט דיענען אלס סימבאל פון תעניתים און וועלכע די קריסטען פלעגען טראגען אין זייערע רעליגיעזע פּראצעסיאנען אין דער צייט פון זייערע תעניתים.

Jack out of of′fice (דזשעק אוט אוו אפ′-איס) אן אבגעזאגטער בעאמטער.

jack′-plane *n.* (דזשעק′-פליין) א באנק־הובעל [א גרויסער לאנגער הובעל].

jack′-pud′ding *n.* (דזשעק′-פוד′-אינג) א לץ, א ברחן, א פורים־שפּיעלער.

jack′-rab′bit *n.* (דזשעק′-רעב′-איט) א מין גרויסער אמעריקאנער האז מיט זעהר לאנגע פים און אויערען.

jack′-raf′ter *n.* (דזשעק′-רעפ′-טער) די קירצערע קראקוועס פון דעם טייל פון א דאך, וואו עס בילדעט זיך אוים א ווינקעל.

Jack′s alive′ (דזשעקס ע-לאיוו′) א שפּיעל, אין וועלכען מען ווארפט איינער דעם אנדערען א ברענענדען שפּאן.

jack′-screw *n.* (דזשעק′-סקרוה) א הויב־מאשין, וועלכע ווערט בעטריבען דורך א שרויף; דאס רעגוליר־שרייפעל פון אן ארטיקולאטאר [אן אפּאראט וואס צאהן־טעכניקער בענוצען פאר דער בעשטימונג פון דער ריכטיגער שטעלונג פון די צייה־נער וואס זיי מאכען].

jack′-snipe *n.* (דזשעק′-סנאיפּ) די האַרשנעפּע [א מין וואלדשנעפּע, א טונ־קעל־רויטער פויגעל מיט גרויע און שוואר־צע פלעקען].

jack′-staff *n.* (דזשעק′-סטעף) א פלאגען־שטאנג אויף א שיף. ז. *jack*

jack′stones *n.* (דזשעק′-סטאונז) קליינע רונדע שטיינדעלעך אדער אזעלכע אייזענדלעך מיט וועלכע קינדער שפּיעלען זיך אין צייכען.

Jackstone

jack′straw *n.* (דזשעק′-סטראה) א שטרויענע פיגור, א מענש וואס האט ניט קיין אייגענע מיינונג אדער קיין זעלבסטשטענדיגקייט און איז אבהענגיג פון אנדערע; אין קינ־דער־שפּיעל — איינס פון א גאנצער צאהל דינע שטעקעלעך, וועלכע מען לאזט ארויס פון האנד אויף׳ן טיש און מען דארף זיי אויפקלייבען איינציגווייז אזוי, אז קיינע פון די ליגענדע שטעקעלעך זאלען זיך ניט א טרייסעל טהאן.

Jack Tar (דזשעק טאר) א מאטראז.

jack′-tim′ber *n.* (דזשעק′-טימ′-בער) איינע פון א רייהע צוזאמענגעשטעלטע קלעצער אדער קראקוועס, וועלכע איז קיר־צער פון די אנדערע.

jack′-tow′el *n.* (דזשעק′-טאו′-על) א לאנגער האנדטוך וואס הענגט אויף א ראָ־לע.

jack′-tree *n.* (דזשעק′-טריע) דער ברויטפּרוכט־בוים [א מין גרויסער פּרוכט־בוים וואס וואקסט אויף די אינזלען נע־בען צענטראל־אמעריקא, מיט א געלבען און הארטען האלז, איין פּרוכט פון דיע־זען בוים וועגט פון 30 ביז 40 פונט].

jack′y *n.* (דזשעק′-אי) ענגלישער דזשין [א שטארקער שנאפּס]; א רעקרוט אדער ערשט אנגעקומענער סאלדאט אין דער פּלאטש.

jac′obin *n.* (דזשעק′-א-בין) א מין הויז־טויב [ז. *jacobin pigeon*]; א מין זשום־פויגעלע אדער קאליברי.

Jac′obin *n. and a.* (דזשעק′-א-בין) א יאקאבינער, איינער פון דער עקסטרעם־ראדיקאלער פּארטיי אין פראנקרייך, וועל־כע האט געשפּיעלט א גרויסע ראלע אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן; אן עקסטרעמער ראדיקאל, א רעוואלוציא־נער; א מאנאך פון דאמיניקאנישען אר־דען [אין פראנקרייך]; וואס איז שייך צו די יאקאבינער; יאקאביניש, רעוואלו־ציאנער.

Jacobin′ic *a.* (דזשעק-א-בינ′-איק) וואס איז שייך צו יאקאבינער; יאקאביניש; עקסטרעם־ראדיקאל; רעוואלוציאנער. ז. *Jacobin*

Jacobin′ical *a.* (דזשעק-א-בינ′-אי-קעל) ז. *Jacobinic*

Jac′obinism *n.* (דזשעק-א-בינ-איזם) יאקאביניזם, די לעהרען אדער פּרינציפּען פון די יאקאבינער. ז. *Jacobin*

Jac′obinize *v.* (דזשעק-א-בינ-איז) מאכען פאר אן אנהענגער פון די יאקאבי־נישע פּרינציפּען. ז. *Jacobin*

jac′obin pig′eon (דזשעק-א-בין פּידזש′-אן) א מין הויז־טויבען, ביי וועל־כע דער האלז און א טייל פון קאפּ איז בעדעקט מיט פעדערען ווי מיט א קאפּו־שאן.

Jac′obite *n. and a.* (דזשעק-א-באיט) א יאקאביט, אן אנהענגער פון דזשיימס דעם צווייטען, קעניג פון ענגלאנד, וועל־כען מען האט אראבגעזעצט פון טהראן אין יאהר 1688; איינער פון אן אלטער קריסטליכער סעקטע אין סיריען, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון יאקאבוס באראדעאוס, דעם ערשטען בישאף פון מע־סאפּאטאמיען; וואס איז שייך צו די יא־קאביטען.

Jacobit′ic *a.* (דזשעק-א-ביט′-איק) וואס איז שייך צו די ענגלישע יאקאבי־טען. ז. *Jacobite*.

Jacobit′ical *a.* (דזשעק-א-ביט′-אי-קעל) ז. *Jacobitic*

Jacobit′ically *adv.* (דזשעק-א-ביט′-אי-קעל-אי) אין גייסט פון די ענגלישע יאקאביטען. ז. *Jacobite*

Jac′obitism *n.* (דזשעק-א-באיט-איזם) יאקאביטיזם, די פּרינציפּען פון די ענג־לישע יאקאביטען. ז. *Jacobite*

Ja′cob′s-lad′der *n.* (דזשיי′-קאבז-לעד′-ער) א לייטער פון שטריק מיט הילצערנע שטעקלעך [ווערט בענוצט מיים־טענס אויף א שיף]; פּאלעמאניום [א מין גראז וואס האט דעם אויסזעהן ווי א פּעדער, מיט געלבע בליטהען וואס זיינען עהנליך צו גלעקלעך]; א מין שפּיעלצייג פון צוזאמענגעשטעלטע שטיינדלעך, גלאז און שטיקלעך האלץ.

Ja′cob′s-staff *n.* (דזשיי′-קאבז-סטעף) א וואנדער־שטאק; א שטעקען מיט א שטעך־מעסער; אן אסטראלאביע, אן אינ־סטרומענט צו מעסטען די הויכקייט פון שטערען; א געשטעל אויף איין פוס וואס ווערט בענוצט פון פעלד־מעסטער אוועקצו־שטעלען דעם קאמפּאס; א גרופּע פון דריי ווייסע שטערען אין דער אריאן־גרופּע, וועלכע געהען אין א גלייכער ליניע איי־נער נאך׳ן אנדערען.

jaco′bus *n.* (דזשע-קאו′-באס) א גאל־דענע מטבע פון 25 שילינג פון די צייי־טען פון דזשיימס דעם ערשטען פון ענג־לאנד.

jac′onet *n.* (דזשעק′-א-נעט) זשאקאנעט [א מין קליידער־מאטעריע — א ווייכער מוסלין].

Jacquerie′ *n.* (זשאק-ע-רי′) די זשא־קעריע, דער בלוטיגער אויפשטאנד פון די פראנצויזישע פויערים געגען די פּריצים אין 14טען יאהרהונדערט.

jac′tant *a.* (דזשעק′-טענט) בעריהמע־ריש; וואס האט ליעב צו בעריהמען זיך.

jacta′tion *n.* (דזשעק-טיי′-שאן) דאס ווארפען, דאס שליידערען; אן אונרוהיג־קייט פון קערפּער, דאס ווארפען אין קדחת; די איבונג אין רייטען אויף א פּערד; בעריהמעריי.

jactita′tion *n.* (דזשעק-טי-טיי′-שאן) דאס אומווארפען זיך פון קערפּער הין און צוריק; די אונרוהיגקייט; פּוסטע בעריה־מעריי; א פאלשע בעהויפּטונג וועגען אי־מעצען, וואס פּעראורזאכט א רעה; דער געריכטס־פּראצעס וועגען אזא פאלשער בע־הויפּטונג.

jactita′tion of mar′riage (דזשעק-טי-טיי′-שאן אוו מער′-אידזש) די אונבע־גרינדעטע בעהויפּטונג, אז ער אדער זי האט כלומרשט חתונה געהאט.

jac′ulate *v.* (דזשעק′-יו-לייט) וואר־פען; שיסען.

jacula′tion *n.* (דזשעק-יו-ליי′-שאן) דאס ארויסווארפען, דאס אויסשיסען.

jac′ulator *n.* (דזשעק′-יו-ליי-טאר) דער שליידערער, דער ווארפער.

jac′ulatory *a.* (דזשעק′-יו-לע-טא-רי) וואס ווארפט ארוים, וואס שליידערט; גע־ווארפען, געשאסען, ארויסגעשטויסען; אויסגעשפּראכען איז אבגעריסענע ווערטער, אויסשרייענד. ז. *ejaculatory*

jade *n. and v.* (דזשייד) א קליאטשע, אן אלטע שקאפּע, א פּגירה; א שליוכע, אן אויסגעלאסענע פּרוי; אן אירא־נישער אויסדרוק וועגען א יונגען מיי־דעל; דער נעפריט [א מין גרינליכער מי־נעראל, פון וועלכען מען פלעגט פּארצייטען מאכען פערשיעדענע כלי־זיין]; אבמאטע־רען, ערמידען; ווערען פערמאטערט; ווערען אבגענוצט; פערלירען דעם מוטה.

ja′ded *a.* (דזשיי′-דעד) אבגענוצט, אויסגעמאטערט.

ja′dery *n.* (דזשיי′-דער-אי) עקשנות, ווילדקייט [פון א פּערד]; א מיאוס שפּי־צעל.

ja'dish *a.* (דזשיי'-דיש) זינדיג, צולא־זען [וועגען אן אויסגעלאסענער פרוי]; פער'עקשנ'ט, ווילד [וועגען א פערד].

jag *n. and v.* (דזשעג) א שארפער צאהן [ווי אין א זעג]; א קארב, א זיג־זאג; איינער פון די אויסגעשניטענע שפיצען אדער צאקען פון דעם ראנד פון א קלייד; א קארב אדער צאק פון א בלאט; דאס זיין מלא אדער שכור; אויסקארבען; מאכען קארבען אדער צאקען.

jagg *n.* (דזשעג) א שטאך מיט א שפיצי־גער זאך.

jagged *a.* (דזשעגד) געצאקט, געקארבט; אויסגעשניטען אין שפיצען.

jag'gedness *n.* (דזשעג'-עד-נעס) גע־קארבטקייט, געצאקטקייט.

jag'ger *n.* (דזשעג'-ער) איינער וואס מאכט קארבען אדער צאקען; א קליין רע־דעל מיט א געקארבטען ראנד; א צייהני־גע דלאטע.

jag'ging-i'ron *n.* (דזשעג'-אינג-אי'-ערן) א שטופעל [א רעדעל מיט צייהנער, ווי דאס רעדעל מיט וועלכען מען רע־דעלט מצה].

jag'gy *a.* (דזשעג'-אי) געקארבט, מיט קארבען, מיט צייהנער; שארטקע, ניט גלאט.

jaghir' *n.* (דזשע-גיר') אין אסט־אינ־דיען — די איינקינפטע פון א געוויסען טייל פון רעגירונגס־לאנד, וועלכע די רע־גירונג גיט אב צו א פערזאן פאר זיין איינגענעם נוצען אדער אונטערצושטיצען א געווי'סע רעגירונגס־אנשטאלט.

jaghir'dar *n.* (דזשע-גיר'-דאר) אין אסט־אינדיען — איינער וועמען די רע־גירונג גיט אב די איינקינפטע פון א שטיק לאנד צוליעב געוויסע צוועקען.

jaghire' *n.* (דזשע-גיר') ז. ***jaghir***

jaguar' *n.* (דזשעג-וואר') דער יאגואר [דער אמעריקאנער טיגער].

Jaguar

Jah *n.* (יאה) ז. ***Jehovah***

Jahveh' *n.* (יא-וויי') ז. ***Jehovah***

Jah'vism *n.* (יא'-וויזם) דער יאהוויזם [די רעליגיאן פון די פארצייטיגע אידען, וועלכע האבען פערגעטערט יהוה אלס זיי־ער נאציאנאלען גאט].

Jah'vist *n.* (יאה'-וויסט) ז. ***Jehovist***

Jahvis'tic *a.* (יא-וויס'-טיק) ז. ***Jehovistic***

jail *n. and v.* (דזשייל) א געפענגניס, א טורמע; איינקערקערען, אריינזעצען אין געפענגניס.

jail'bird *n.* (דזשייל'-בוירד) א טורמע־פויגעל, אן ארעסטאנט, איינער וואס זיצט אדער וואס איז געזעסען אין א געפענג־ניס.

jail'-deliv'ery *n.* (דזשייל'-די-ליוו'-ער-אי) דאס אויסלעדיגען די טורמע; דאס אב'פטר'ען די משפטים פון אלע די, וואס זיינען פערהאפטעט געווארען; דאס בעפרייען ארעסטירטע דורך אויפברעכען די טורמע אדער דורך אנטלויפען.

jai'ler *n.* (דזשיי'-לער) א היטער פון א געפענגניס, א געפענגניס־וועכטער.

jail'-fe'ver *n.* (דזשייל'-פי'-ווער) א טיפוס־פיבער.

jail'-kee'per *n.* (דזשייל'-קיע'-פער) ז. ***jailer***

jak *n.* (דזשעק) ז. ***jack-tree***

jakes *n.* (דזשייקס) אן אבטריט.

jak'-wood *n.* (דזשעק'-הוואוד) דאס געלבע האלץ פון ברויטפרוכט־בוים. ז. ***jack-tree***

jal'ap *n.* (דזשעל'-עפ) די יאלאפע [א מין אמעריקאנער גראז, וואס פלעכט זיך איבער ווענד און צווייגען. ווערט גע־ברויכט אין מעדיצין אלס אבפיהרונגס־מיטעל].

Jalap

jalap'ic *a.* (דזשע-לעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער יאלאפע. ז. ***jalap***

jal'apin *n.* (דזשעל'-ע-פין) דאס יאלא־פין [אן ארט צוקער־זאפט, וואס געפינט זיך אין יאלאפע־גראז און דיענט אלס א שטארקער אבפיהרונגס־מיטעל].

jalousie' *n.* (זשע-לוה-זיע') זשאלוזען [פענסטער־לאדען, וואס בעשטעהען פון א ראהם, אין וועלכער עס זיינען אריינגע־שטעלט עטוואס אנגעבויגענע ברעטעלעך, וועלכע לאזען דורך אין צימער לופט, אבער ניט די זון־שטראהלען].

jam *n. and v.* (דזשעם) איינגעמאכטס, ווארעניעס; א צוזאמענפרעסונג, א צו־נויפדריקונג; דאס צוזאמענדריקען; אין שאכטען — א שטיין־מאסע, וואס שפארט אונטער אדער טיילט פאנאנדער א קויה־לען־אדער; דריקען, קוועטשען, צודריקען, צונויפפרעסען; אנפילען, אנהויפען; צו־נויפדריקען א גרויסען עולם; שטערען דעם דורכגאנג; אין אמעריקאנער פאליטיק — דורכשטופען א געוויסען געזעץ אדער תקנה דורך א "מאשין־אבשטימונג"; בע־שמירען מיט ווארעניעס.

Jamai'ca *n.* (דזשע-מיי'-קא) יאמאיקא [איינע פון די גרעסטע וועסט־אינדישע אינזלען אין צענטראל־אמעריקא]; אזא ראם וואס ווערט פראדוצירט אין יא־מאיקא.

Jamai'can *a. and n.* (דזשע-מיי'-קען) וואס געהערט צו דעם אינזעל יאמאיקא; אן איינוואהנער פון דיעזען אינזעל. ז. ***Jamaica***

jamb *n.* (דזשעם) א טהיר־פאסט, אן אוי־שאק, א ביישטידעל; אין שאכטען — א שטיין־מאסע וועלכע שפארט אונטער אדער טיילט פאנאנדער א קויהלען־אדער.

jambe *n.* (דזשעמב) א פוס־פאנצער, וועלכע סאלדאטען פון מיטעלאלטער פלע־גען טראגען.

jamb'-li'ning *n.* (דזשעמ'-לאי'-נינג) דער בעשלאג פון א טהיר אדער פענסטער.

jambo'sa *n.* (דזשעם-באו'-סא) א מין קליינע אסט־אינדישע ביימלעך מיט זעהר שעהנע בלומען און מיט פרוכטען וועלכע רופען זיך "רויז־עפעל".

Jambosa

jamb'-post *n.* (דזשעמ'-פאוסט) א ביישטידעל פון א טהיר אדער פענסטער.

jam'bu *n.* (דזשעמ'-בוה) דאס רויז־עפעל ביימעל. ז. ***jambosa***

jam in (דזשעם אין) איינפרעסען, בע־שרענקען.

jam'-pud'ding *n.* (דזשעמ'-פוד'-אינג) א פודינג געפילט מיט מארמעלאד.

jam up! (דזשעם אפ) ־ אויסגעצייכענט! פארטרעפליך!

jane *n.* (דזשיין) א מין גענועזער מטבע; בומאזע, א מין באוועל־צייג, פון וועלכען מען נעהט וועש.

jan'gle *v. and n.* (דזשענ'גל) אונהאר־מאניש קלינגען; פלוידערען, פלאפלען מיט א הויכען קול; קריעגען זיך, ארומ־רייסען זיך; קריעג, צאנקעריי; א טומעל, א געפילדער, אן אונהארמאנישע צאנקע־ריי.

jan'gling *n.* (דזשענ'-גלינג) געצאנק, קריגעריי, גערויש, טומעל, רייסעריי; אן אונהארמאנישע קלינגעריי.

jan'itor *n.* (דזשענ'-אי-טאר) אן אויפ־זעהער אויף א הויז, א דווארניק.

jan'itress *n.* (דזשענ'-אי-טרעס) אן אויפזעהערין פון א הויז.

jan'itrix *n.* (דזשענ'-אי-טריקס) ז. ***janitress***

janiza'rian *a.* (דזשענ-אי-זיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו יאניטשארען. ז. ***janizary***

jan'izary *n.* (דזשענ'-אי-זע-רי) איי־נער פון די יאניטשארען אדער טראבאנ־טען [א מיליטערישע קערפערשאפט פון דער טערקישער ארמעע אין די אמאליגע צייטען].

Jan'senism *n.* (דזשענ'-סען-איזם) יאנ־סעניזם, די לעהרען פון דעם קאטוילישען בישאף קארנעליוס יאנסעניוס, וועלכער איז ארויסגעטרעטען אלס שטארקער גע־גנער פון די יעזואיטען. זיין הויפט לעה־רע איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער לייקענט אב די פרייהייט פון דער מענש־ליכער בחירה.

Jan'senist *n.* (דזשענ'-סען-איסט) א יאנסעניסט, אן אנהענגער אדער נאכ־פאלגער פון יאנסעניזם. ז. ***Jansenism***

jan'tily *adv.* (דזשאַנ׳-טי-לי) ז. *jauntily*.

jan'ty *a.* (דזשאַנ׳-טי) ז. *jaunty*.

Jan'uary *n.* (דזשענ׳-יו-ע-רי) דער מאָנאַט יאַנואַר.

Ja'nus *n.* (דזשיי׳-נאַס) בײַ די אַלטע רוימער — יאַנוס, דער גאָט פֿון זון און פֿון יעדען אָריינגאַנג און אַרויסגאַנג. ער איז געווען פֿאָרגעשטעלט מיט אַ צווייענ־דיגען פּנים פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען.

Ja'nus-faced *a.* (דזשיי׳-נאַס-פֿייסט) צוויי פּנימ׳דיג; וואָס זאָגט איינס און טראַכט אַנדערש; בעטריגעריש.

Ja'nus-head'ed *a.* (דזשיי׳-נאַס-העד׳-עד) צוויי־קעפּיג.

Japan' *n. and a.* (דזשע-פּען׳) יאַפּאַן; יאַפּאַניש, וואָס בעקומט זיך פֿון יאַפּאַן.

japan' *n. and v.* (דזשע-פּען׳) לאַקיר־טע אַרבייט; יאַפּאַנישער לאַק; לאַקירען מיט מאַטעריאַל, וועלכער גיט צו אַ שוואַר־צען גלאַנץ.

Japan' earth (דזשע-פּען׳ אוירטה) יאַפּאַנעזישע ערד [אַ מין צוזאַמענצי־הענדער שטאָף וואָס ווערט אַרויסגעצוי־גען פֿון בוימער].

Japanese' *a. and n.* (דזשעפּע-ע-נים׳) וואָס איז שייך צו יאַפּאַן אָדער איהרע איינוואוינער; אַ יאַפּאַנעזער, איינער וואָס געהערט צום יאַפּאַנישען פֿאָלק; די יאַ־פּאַנישע שפּראַך.

Japanesque' *a.* (דזשעפּע-ע-נעסק׳) וואָס איז ענליך צו יאַפּאַנעזער אָדער יאַפּאַנעזישעס.

Japan'ism *n.* (דזשע-פּענ׳-איזם) יאַפּאַ־ניזם, די יאַפּאַנישע קונסט, קולטור א. ד. ג.

Japan' lau'rel (דזשע-פּען׳ לאָה׳-רעל) אַ מין מזרח־אַזיאַטישער קוסט מיט געלב־געשפּריינקעלטע בלעטער, שעהנע בלומען און רויטע יאַגדעס.

Japan Laurel

japanned' *a.* (דזשע-פּענד׳) בעדעקט מיט יאַפּאַנעזישען לאַק אָדער מיט אַן אַנ־דערען ענליכען לאַק.

japan'ner *n.* (דזשע-פּענ׳-ער) אַ לאַ־קירער; אַ מין וואַקס צום שטיוועל־פּוצען.

jape *v. and n.* (דזשייפּ) שפּאַסען; אָבלאַכען; מאַכען לצנות; אַ שפּאַס, אַ שפּיצעל, אַ לצנות.

Japhet'ic *a.* (דזשע-פֿעט׳-איק) וואָס איז שייך אָדער וואָס קומט אַרויס פֿון יפת [איינער פֿון נח׳ס דריי זיהן].

ja'pish *a.* (דזשיי׳-פּיש) ווי אַ לץ; וואָס ליעבט צו טרייבען קאָטאָוועס.

jar *v. and n.* (דזשאַר) קלאַפּערען, שלעכט קליינגען; אַרויסלאָזען אונהאַרמאָ־נישע קלאַנגען; גרילצען אין די אויערען; אויפּטרייסלען; וויברירען; שטרייטען, צאַנקען, קריעגען זיך; דאָס גרילצען אין די אויערען; אונהאַרמאָנישע קלאַנגען; אַ שטרייט, אַ קריעג, אַ צאַנקערײַ; אַ ליימענער אָדער גלעזערנער קרוג; די מאָס וויפֿיעל אַזאַ קרוג ענטהאַלט אין זיך.

jarara'ca *n.* (דזשאַ-ראַ-ראַ׳-קאַ) אַ גרויסע גיפֿטיגע דרום־אַמעריקאַנישע שלאַנג פֿון גרוי־ברוינעם קאָליר.

jarde *n.* (דזשאַרד) אַ מין געשווילעכטס אָדער געשוויר אויף אַ פֿערד׳ס פֿוס.

jardinière' *n.* (זשאַר-די-ניעהר׳) אַ בעפּוצט טישעל פֿאַר וואַזאַנעס אָדער בלו־מען; אַ בלומען־וואַזע.

jardon' *n.* (זשאַר-דאָן׳) ז. *jarde*.

jar'gon *n. and v.* (דזשאַר׳-גאָן) זשאַר־גאָן, אַ שפּראַך, וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ צוזאַמענמישונג פֿון פֿאַרשיעדענע שפּראַכען און האָט ניט קיין ליטעראַטור; אַן אַרט אויסדריקע, וועלכע זיינען כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַר דעם אָדער יענעם שטאַנד אָדער פּראָפֿעסיאָן; ציריקאָן [אַ מין געלבליכער מינעראַל פֿון אינזעל צייל־לאָן]; רעדען זשאַרגאָן; געברויכען אַ גע־מישטע, אונקולטורעלע שפּראַך.

jargonelle' *n.* (דזשאַר-גאָ-נעל׳) די יאַרגאָנעל [אַ געוויסער זאָרט באַרנעס].

jargonesque' *a.* (דזשאַר-גאָ-נעסק׳) וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון זשאַרגאָן אָדער פֿון אַ געמישטער אונקולטורעלער שפּראַך.

jargon'ic *a.* (דזשאַר-גאָנ׳-איק) וואָס איז ענליך צו זשאַרגאָן; וואָס איז שייך צום ציריקאָן [אַ מין געלבליכער מינעראַל פֿון אינזעל צייל־לאָן].

jar'goning *n.* (דזשאַר׳-גאָנ-אינג) דאָס פּלאַפּלען, דאָס פּיהרען אַן אויסגעמישטען געשפּרעך; דאָס צוויטשערען פֿון פֿויג־לען.

jargoniza'tion *n.* (דזשאַר-גאָנ-אי-זיי׳-שאָן) דאָס בענוצען אַ זשאַרגאָן; דאָס פֿערוואַנדלען אַ קולטורעלע שפּראַך אין אַ זשאַרגאָן.

jarl *n.* (יאַרל) — אין אַלט־סקאַנדינאַוויען אַן עלטערער, אַן אַנפֿיהרער; אַן אַדעליגער, אַ גראַף.

jar'nut *n.* (דזשאַר׳-נאַט) דער ערד־נוס [אַ פּרוכט פֿון אַ געוויסער אַמערי־קאַנער פֿלאַנצע].

jar of flow'ers (דזשאַר אָוו פֿלאַו׳-ערז) אַ בלומען־טאָפּ.

ja'sey *n.* (דזשיי׳-זי) אַ מין וואָלענער פּאַרוק.

jas'min *n.* (דזשעס׳-מין) יאַסמין [אַ גע־וויסע גאַרטען אָדער הויז־פֿלאַנצע מיט געל־בע אָדער ווייסע שמע־קענדע בלומען].

Jasmin

jas'mine *n.* (דזשעס׳-מין) ז. *jasmin*.

jas'per *n.* (דזשעס׳-פּער) יאַספּיס [אַ מין שטיין פֿון פֿאַר־שיעדענע קאָלירען וואָס ווערט געברויכט צו מאַכען קלאַ־נעז, וואַזען א. ד. ג.].

jas'perated *a.* (דזשעס׳-פּער-איי-טעד) בעמאָלט מיט דער פֿאַרב וועלכע איז ענ־ליך צום קאָליר פֿון דעם יאַספּיס־שטיין; אויסגעמיישט מיט יאַספּיס.

jas'perite *n.* (דזשעס׳-פּער-איט) ז. *jasper*.

jas'per-o'pal *n.* (דזשעס׳-פּער-אָו׳-פּעל) ניט קיין ריינער אָפּאַל [אַן אָפּאַל איז אַ טייערער מילך־ווייסער מינעראַל, אויף וועלכען עס שפּיעלען זיך פֿאַרשיע־דענע קאָלירען], וועלכער האָט דעם קאָ־ליר פֿון אַ געלבליכען יאַספּיס־שטיין.

jas'pery *a.* (דזשעס׳-פּער-אי) אַזוי ווי יאַספּיס־שטיין.

jaspid'ean *a.* (דזשעס-פּיד׳-אי-ען) ווי יאַספּיס־שטיין; וואָס בעשטעהט פֿון יאַס־פּיס־שטיין.

jaspid'eous *a.* (דזשעס-פּיד׳-אי-אַס) ווי יאַספּיס־שטיין.

jas'poid *a.* (דזשעס׳-פּאָיד) וואָס איז ענליך צו יאַספּיס־שטיין.

jas'ponyx *n.* (דזשעס׳-פּאָ-ניקס) דער יאַספּאָניקס, אַן אָניקס־שטיין, וועלכער האָט אין זיך יאַספּיס־אָדערען [פֿון דיעזען שטיין ווערען אויסגעשניטען פֿיגורען אויף באַרעליעפֿען].

jasp'-o'pal *n.* (דזשעספּ-אָו׳-פּעל) ז. *jasper-opal*.

Jat'ropha *n.* (דזשעט׳-ראָ-פֿאַ) אַ מין גראָזען, קוסטעס און בוימער, וועלכע וואַקסען אין די הייסע לענדער פֿון אַמע־ריקאַ, מיט אַ דיקען שטאַם און ברייטע דריי־ענדיגע בלעטער. דער זאַפֿט פֿון דיע־זע פֿלאַנצען ווערט געברויכט אין דער מע־דיצין פֿאַר פֿאַרשיעדענע זאַלבען.

jaun'dice *n. and v.* (דזשאָנ׳-דיס) די געלבזוכט; אַ ביטערער געפֿיהל, ווי קנאה, אייפֿערזוכט א. ד. ג.; ליידען פֿון געלבזוכט; האָבען געפֿיהלען פֿון קנאה אָדער אייפֿערזוכט.

jaun'diced *a.* (דזשאָנ׳-דיסט) געלבזיכ־טיג; פֿול מיט קנאה, אייפֿערזוכט אָדער פֿאָראורטיילען.

jaunt *n. and v.* (דזשאָנט) דער גאַנג, דער אויסשפּאַציר; אַרומלויפֿען, אַרומ־שפּאַצירען.

jaun'tily *adv.* (דזשאָנ׳-טי-לי) אויף אַ לעבעדיגען, לוסטיגען, מונטערען, לייכט־פֿערטיגען אָדער פֿרעהליכען אופֿן.

jaun'tiness *n.* (דזשאָנ׳-טי-נעס) לעבע־דיגקייט, פֿרעהליכקייט, לוסטיגקייט, לייכ־טיגקייט, לייכט־פֿערטיגקייט; אַנמוטה, שעהנקייט, חן, אַרטיגקייט.

jaun'ting-car *n.* (דזשאָנ׳-טינג-קאַר) אַ לייכט וועגעל אויף פֿיער רעדער, אין וועלכען די פּערזאָנען זיצען רוקען צו רוקען.

jaun'ty *a.* (דזשאָנ׳-טי) אַנמוטיג, מיט חן, שעהן, אַרטיג, עלעגאַנט; מונטער, לוסטיג, לייכטפֿערטיג.

jaun'ty-car *n.* (דזשאָנ׳-טי-קאַר) ז. *jaunting-car*.

ja'va *n.* (דזשאַ׳-וואַ) די יאַוואַ־הוהן [אַ מין הויז־הוהן].

Ja'van *a.* (דזשאַ׳-וואַן) וואָס איז שייך צום אינזעל יאַוואַ.

Javanese' *a. and n.* (דזשאַוואַ-ע-ניס׳) וואָס איז שייך צום אינזעל יאַוואַ; אַ גע־באָרענער אָדער אַן איינוואוינער פֿון דיע־זען אינזעל.

jave'lin *n.* (דזשעוו׳-לין) אַ וואָרף־שפּיעז.

jaw *n. and v.* (דזשאָה) דער קינבאַק [דער ביין אין וועלכען עס זיצען די ציינער]; אין אַ מאַשין — צוויי טיילען, וועלכע געהען זיך צונויף און רוקען זיך פֿאַנאַנדער; אין אַ זעגעל־שיף — דער אויסשניט אויף דעם עק פֿון זעגעל־שטאַנג, מיט וועלכען ער האַלט זיך אָן דער מאַסט; שרייען אויף איינעם; שימפּפֿען, זידלען.

jaw'-bone *n.* (דזשאָה׳-באָון) דער קינ־באַק־ביין [דער ביין אין וועלכען עס זי־

צען די צייהנער, ספּעציעל דער אונטער=
שטער ביין].

jaw'-brea'ker *n.* (דזשאה'-בריי'-קער)
א ווארט צום אויסברעכען די צייהנער
[א ווארט וואס ענטהאלט אין זיך פיעל
זילבען און עס איז שווער עס אויסצו=
רעדען].

jawed *a.* (דזשאהד) וואס האט קינבאקען.

jaw'fall *n.* (דזשאה'-פאהל) אן אראבגע=
לאזענער פּנים, נידערגעשלאגענקייט.

jaw'fallen *a.* (דזשאה'-פאהלן) מיט
אן אראבגעלאזענעם פּנים, טרויעריג, בע=
טריבט.

jaws of death (דזשאהז אוו דעטה)
דעם מלאך המות נעגעל.
He was snatched from the **jaws of death.**

jaw'smith *n.* (דזשאה'-סמיטה) א שריי=
ער א דעמאגאג.

jaw'-tooth *n.* (דזשאה'-טוהטה) א באק=
צאהן.

jaw'-work *n.* (דזשאה'-הוואירק) פּיסק=
ארבייט [ריידען]; פּרעסעריי.

jay *n.* (דזשיי) דער האלצהעהער אדער
סאיקע [א קליינער אייראפּעאישער און
נארד=אמעריקאנישער פויגעל מיט גרוי=
רויטע פעדערען און מיט בלויע, ווייסע
און שווארצע פּאסיקלעך אויף די פליגלען.
ערנעהרט זיך מיט יאגדעס און תבואה=
קערנדלעך]; א ישובניק, א "גרינער", א
פּראסטאק; אן אקטיאר א דילעטאנט
[ניט קיין פאכמאן]; א שלעכטער אקטיאר.

Jay

jay'-bird *n.* (דזשיי'-בוירד) דער האלצ=
העהער אדער סאיקע [אזא פויגעל].
ז. *jay*

jay'hawk *v.* (דזשיי'-האהק) פיהרען א
גועריל=קריעג. ז. *jayhawker*

jay'hawker *n.* (דזשיי'-האה-קער) א
מיטגליעד פון איינע פון די באנדעס וואס
האבען אין דעם אנפאנג פון דעם בירגער=
קריעג אין די פעראייניגטע שטאאטען פון
אמעריקא געפיהרט א גועריל=קריעג [אן
אונרעגולערער קריעג], בעזאנדערס אין
קענזעס; אזא גרויסע שפּין.

jaz'erant *n.* (דזשעז'-ע-רענט) א מין
פּאנצער פון צונויפגעפלאכטענע אייזערנע
רינגען.

jaz'erent *n.* (דזשעז'-ע-רענט)
ז. *jazerant*

J. D. אבקירצונג פון *Juris Doctor*
[דאקטאר יורי, א טיטול פון א געלעהר=
טען יוריסט].

jeal'ous *a. and v.* (דזשעל'-אס) איי=
פערזיכטיג; אייפריג, בעזארגט; פערדעכ=
טיגען, ניט טרויען; זיין אייפערזיכטיג.

jeal'ously *adv.* (דזשעל'-אס-לי) מיט
אייפערזוכט אדער פערדעכטיגונג.

jeal'ousness *n.* (דזשעל'-אס-נעס)
קנאה, אייפערזוכט; פערדעכטיגונג, חשד.

jeal'ousy *n.* (דזשעל'-אס-אי) אייפער=
זוכט, קנאה.

jean *n.* (דזשיין) בומאזעע [אזא בא=
וועל=צייג פון וועלכען מען נעהט וועש].

jear *n.* (דזשיר) אזא שיף=שטריק.

jee *v. and int.* (דזשיע) ז. *gee*

jeer *v. and n.* (דזשיער) שפּאטען; אב=
לאכען פון אימעצען; שפּאט, לצנות, שפּאס;
אזא שיף=שטריק.

jeer'er *n.* (דזשיער'-ער) א שפּעטער,
אן אבלאכער, א לץ.

jeer'ing *a.* (דזשיער'-אינג) שפּאטענד,
אבלאכענד.

jeer'ingly *adv.* (דזשיער'-אינג-לי) אב=
לאכענדיג, אבשפּאטענדיג; מאכענדיג
לצנות.

jeers *n.* (דזשיערז) אזעלכע שטריק אדער
קאנאטען אויף א שיף.

Jefferso'nian *a. and n.* (דזשעפ-ער-
סאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו טאמאס
דזשעפערסאן, דעם דריטען פּרעזידענט פון
די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא
[פון יאהר 1801 ביז 1809], דער גרינ=
דער פון דער דעמאקראטישער פּארטיי און
דער פערפאסער פון דער דעקלאראציאן
פון אונאבהענגיגקייט [דער דאקומענט
אין וועלכען די פעראייניגטע שטאאטען
פון אמעריקא ערקלערט זיך אונאבהענגיג
פון ענגלאנד]; אן אנהענגער פון די פּא=
ליטישע פּרינציפּען פון טאמאס דזשעפער=
סאן, א דעמאקראט.

Jefferso'nianism *n.* (דזשעפ-ער-
סאו'-ני-ען-איזם) דאס פּאליטישע פּרא=
גראם פון טאמאס דזשעפערסאן, וואס בויט
זיך אויף די פּרינציפּען פון אינדיווידוע=
לער און לאקאלער פרייהייט און בעשרענ=
קונג פון דער מאכט פון דער צענטראלער
רעגיערונג.

jeff'ing *n.* (דזשעפ'-אינג) א מין ווירפעל=
שפּיעל ביי שריפטזעצער.

Jeho'vah *n.* (דזשי-האו'-ווא) יעהאווא,
דער העברעאישער נאמען פון גאט, דער
שם=המפורש [יהוה].

Jeho'vist *n.* (דזשי-האו'-וויסט) דער יע=
האוויסט, דער אונבעוואוסטער שרייבער
וועגען וועלכען מען דענקט, אז ער האט
פערפאסט די שטעלען פון דער ביבעל,
וואו גאט'ס נאמען ווערט בעצייכענט מיט'ן
נאמען "יהוה" [אין געגענזאץ צום
"אלהיסט"]. ז. *Elohist*

Jehovis'tic *a.* (דזשי-הא-ווים'-טיק)
וואס איז שייך צו די "יעהאוויסטישע"
שטעלען פון חומש [אין געגענזאץ צו די
"אלהיסטישע"]. ז. *Elohistic*

Je'hu *n.* (דזשי'-היו) א גיכער אנטריי=
בער; א קוטשער.

jeju'nal *a.* (דזשי-דזשוה'-נעל) וואס איז
שייך צום אויבערשטען טייל פון דער קליי=
נער קישקע. ז. *jejunum*

jejune' *a.* (דזשי-דזשוהן') ליער, פּוסט,
טרוקען; ניט אינטערעסאנט.

jejune'ly *adv.* (דזשי-דזשוהנ'-לי) אויף
א פּוסטען, אינהאלטסלאזען אדער טרוקע=
נעם שטייגער.

jejune'ness *n.* (דזשי-דזשוהנ'-נעס)
פּוסטקייט, ליערקייט, טרוקענקייט, אינ=
האלטסלאזיגקייט.

jeju'nity *n.* (דזשי-דזשוה'-ני-טי)
ז. *jejuneness*

jeju'num *n.* (דזשי-דזשוה'-נאם) אין
אנאטאמיע — די אויבערשטע צוויי פינפ=
טעל פון דער קליינער קישקע.

jel'lied *a.* (דזשעל'-איד) געדיכט און
קלעפּעדיג, געדיכט און ציטערדיג, ווי
זשעלע אדער סטודען [פּוטשא].

jel'ly *a.* (דזשעל'-אי) זשעלע, א גע=
דיכטע איינגעמאכטס פון פרוכט; א גע=
דיכטער סאק; א געדיכטער און קלייאי=
גער שטאף; א געדיכטער און ציטערדי=
גער שטאף ווי שטודען [פּוטשא].

jel'ly-bag *n.* (דזשעל'-אי-בעג) א זע=
קעל, דורך וועלכען מען זייט דורך זשעלע.

jel'lyfish *n.* (דזשעל'-אי-פיש) דער זשע=
לע=פיש [א מין ווייכע שוואמיגע ים=
חיה, וועלכע האט די פארם פון א שווע=
מעל=קעפּעל. די אונטערשטע זייט פון דיע=
זען קעפּעל ענטהאלט אין זיך די מויל=
עפענונג, וואס איז ארומגערינגעלט מיט
לאנגליכע ברייטע לאפּעס].

Jellyfish

jem'idar *n.* (דזשעמ'-אי-דאר) אן אסט=
אינדישער אפיציער [פון די דארטיגע
איינגעבארענע].

jem'miness *n.* (דזשעמ'-אי-נעס) זוי=
בערקייט, שעהנקייט; געציערטקייט.

jem'my *n. and a.* (דזשעמ'-אי) א מין
ברעך=אייזען, וואס ווערט בענוצט פון
גנבים; זויבער, שעהן, בעפּוצט.

jen'net *n.* (דזשענ'-עט) א מין שפּאניש
פערדעל.

jen'neting *n.* (דזשענ'-עט-אינג) א
מין פריהצייטיגער עפּעל.

jen'ny *n.* (דזשענ'-אי) א שפּין=מאשין;
א פויגעל א "זי"; אן עזעל א "זי".

jen'ny-ass *n.* (דזשענ'-אי-עס) אן עזע=
לין [אן עזעל א "זי"].

jen'ny-wren *n.* (דזשענ'-אי-רען) דער
צוין=קעניג [א קליין זינג=פויגעלע מיט א
ברייטליכען שנאבעל מיט גרינליכע פע=
דערען און מיט א העל=געלבען טשוב].

jeof'ail *n.* (דזשעפ'-אייל) א פערזעהן,
א טעות [אין א געריכטס=פּראצעס].

jeop'ard *v.* (דזשעפּ'-ארד) שטעלען אין
קאן, ריזיקירען, וואגען.

jeop'arder *n.* (דזשעפּ'-אר-דער) איי=
נער וואס שטעלט אין קאן אדער ריזי=
קירט.

jeop'ardize *v.* (דזשעפּ'-אר-דאיז)
ז. *jeopard*

jeop'ardous *a.* (דזשעפּ'-אר-דאס) גע=
פעהרליך, ריזיקאליש.

jeop'ardy *n.* (דזשעפּ'-אר-די) א ריזי=
קע, א סכנה, דאס שטעלען אין קאן.

jer'boa *n.* (דזשויר'-בא-א) די שפּרינג=
מויז [א מין קליין שפּרינגענד חיה'לע
מיט זעהר קורצע פאדערשטע און זעהר

לאנגע הינטערשטע פיס און מיט א לאנגען עק].



Jerboa

jereed' *n.* (דזשע-ריעד') א טערקישע פיקע אדער שפיעז, וואס ווערט בענוצט אין פערשיעדענע שפיעלען.

jeremi'ad *n.* (דזשער-אי-מאי'-עד) ז. *jeremiade*.

jeremi'ade *n.* (דזשער-אי-מאי'-עד) א יערעמיאדע, א קלאג-ליעד, א קינה.

jer'falcon *n.* (דזשויר'-פאהקן) ז. *gerfalcon*.

jer'guer *n.* (דזשויר'-גער) ז. *jerker*.

jerid' *n.* (דזשע-ריד') ז. *jereed*.

jerk *v. and n.* (דזשוירק) שטויסען, טרייסלען, רוקען; שנעלען; שלאגען; מאכען א פלוצליכע בעוועגונג; א פלוצליכער שטויס, שלאג אדער וואורף; א טרייסעל [ווי פון א מוסקול]; א רוק; פלייש פאנאנדערגעשניטען אויף דינע שטיקלעך און געטריקענט אויף דער זון; פאנאנדערשניידען פלייש אויף דינע שטיקלעך און טריקענען אויף דער זון.

jerked beef (דזשוירקט ביעף) פלייש געטריקענט אויף דער זון.

jer'ker *n.* (דזשויר'-קער) איינער וואס שטופט, וואס טהוט א שלעפ; איינער וואס בעקומט קאנוואולסיווע בעוועגונגען פון א רעליגיעזען עקסטאז אדער פון אן אנדער אויפרעגונג; א צאל-אויפזעהער [א בעאמטער וואס רעווידירט די שיפען אין האפען].

jer'kin *n.* (דזשויר'-קין) א יאק, א קאמעזעלקע; דער "ער" גייער-פאלקען. ז. *gerfalcon*.

jer'kingly *adv.* (דזשויר'-קינג-לי) אויף א שטויסענדען שטייגער; דורך א שטופ.

jerk out (דזשוירק אוט) ארויסטרייסלען, אויסשיטען.

jerks *n.* (דזשוירקס) קאנוואולסיווע בעוועגונגען פון רעליגיעזען עקסטאז אדער פון אויפרעגונג.

jer'ky *a.* (דזשויר'-קי) שטויסארטיג, טרייסלענד; קאפריזנע; אונגעדולדיג.

jerrid' *n.* (דזשע-ריד') ז. *jereed*.

jer'ry *n., a. and v.* (דזשער'-אי) איינער וואס בויט אויף שנעל הייזער צום פערקויף; א הויז געבויט אויף שנעל [צום פערקויפען]; א טאשען-זייגער; א נאכט-טאפ; געמאכט ווי-עס-איז, געמאכט אויף שנעל; בויען אבשפאטען.

jer'ry-built *a.* (דזשער'-אי-בילט) געבויט אויף צו פערקויפען [אין איילעניש און מיט שלעכטען מאטעריאל].

jer'rymander *n.* (דזשער'-אי-מענ-דער) ז. *gerrymander*.

jer'sey *n. and a.* (דזשויר'-זי) זעהר פיינע וואל; א יאק פון דיעזער וואל, א טריקאט-יאק; פון זעהר דינער וואל.

Jeru'salem ar'tichoke (דזשע-רו'-זע-לעם אר'-טי-טשאוק) די ערד-בארנע [א מין גראז-ארטיגע אמעריקאנער פלאנצע מיט א זיסען דיקען ווארצעל, וואס ווערט געברויכט אלס שפייז].

jess *n. and v.* (דזשעס) א רימען אדער שנירעל וואס דיענט אלס פוס-באנד פון א פאלק-פויגעל; פערפענטען די פיס פון א פאלק-פויגעל מיט אזא פוס-באנד.

jes'samine *n.* (דזשעס'-ע-מין) ז. *jasmine*.

jes'sant *a.* (דזשעס'-ענט) וואס טויכט ארוים [ווי א פיגור אויף א הערב].

jessed *a.* (דזשעסט) געפענטעט מיט א שנירעל [וועגען פאלק-פויגלען].

Jes'sie *n.* (דזשעס'-אי) א קלאפער, א דובינקע.

Jes'sy *n.* (דזשעס'-אי) ז. *Jessie*.

jest *n. and v.* (דזשעסט) א שפאס, קאטאוועס; געשפעט; שפאסען, טרייבען קאטאוועס; מאכען לצנות.

jest'-book *n.* (דזשעסט'-בוק) א זאמעל-בוך פון וויצען, אנעקדאטען און לייכטע ערצעהלונגען.

jes'ter *n.* (דזשעס'-טער) א קאטאוועס-טרייבער, א שפאס-מאכער, אן אבלאכער, א גלייכווערטעל-זאגער, א לץ; א הויף-נאר [ביי די מיטעלאלטערליכע פריצים].

jest'ful *a.* (דזשעסט'-פול) וויציג, שפאסיג.

jes'ting *a.* (דזשעס'-טינג) שפאסענד; קאטאוועס טרייבענד.

jes'tingly *adv.* (דזשעס'-טינג-לי) מיט שפאט; אויף קאטאוועס.

jes'ting-stock *n.* (דזשעס'-טינג-סטאק) א געגענשטאנד פון שפאט, א זאך צום אבלאכען.

jest'-mon'ger *n.* (דזשעסט'-מאנ'-גער) א קאטאוועס-טרייבער; אן אבלאכער; א לץ.

jest'word *n.* (דזשעסט'-הוואירד) א וויץ, א גלייכווערטעל.

Jes'uit *n.* (דזשעז'-יו-איט) א יעזואיט, א מיטגליעד פון יעזואיטישען ארדען [א קאטוילישער ארדען, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1539 צו פערשטארקען דעם איינפלוס פון דער קאטוילישער רעליגיאן און צו בעקעמפפען די פראטעסטאנטען מיט אלע מעגליכע מיטעל]; א כיטרער מענש; אן אינטריגאנט.

Jes'uitess *n.* (דזשעז'-יו-איט-עס) א יעזואיטין [איינע פון א קאטוילישען פרויען-ארדען, וועלכער איז געווען געבויט אויף דיזעלביגע פרינציפען ווי דער יעזואיטישער מענער-ארדען און איז אויפגעלעזט געווארען אין יאהר 1630].

Jesuit'ic *a.* (דזשעז-יו-איט'-איק) יעזואיטיש; וואס איז שייך צו די יעזואיטען. ז. *Jesuit*.

jesuit'ical *a.* (דזשעז-יו-איט'-אי-קעל) יעזואיטיש, כיטרע, פערמאסקירט, פאלש.

jesuit'ically *adv.* (דזשעז-יו-איט'-אי-קעל-אי) אויף א יעזואיטישען, כיטרען אופן.

jes'uitish *a.* (דזשעז'-יו-איט-איש) יעזואיטיש.

Jes'uitism *n.* (דזשעז'-יו-איט-איזם) די לעהרע און די פרינציפען פון די יעזואיטען; כיטרעקייט, פערשטעלטקייט. ז. *Jesuit*.

Jes'uitry *n.* (דזשעז'-יו-איט-רי) ז. *Jesuitism*.

Jes'uits' bark (דזשעז'-יו-איטס בארק) די קארע פון געוויסע אמעריקאנישע כינע אדער כינין-בוימער [ווערט גערופען אזוי, ווייל די ערשטע, וועלכע האבען דיעזע קארע געבראכט אין אייראפא, זיינען געווען די יעזואיטען].

Jes'uits' pow'der (דזשעז'-יו-איטס פאו'-דער) כינין-פולווער.

Je'sus *n.* (דזשי'-זאס) יעזוס [קריסטום].

Je'sus Christ (דזשי'-זאס קראיסט) יעזוס קריסטוס.

jet *v., n. and a.* (דזשעט) ארויסווארפען, ארויסשיסען, ארויסשפריצען [פון א שמאלער עפענונג]; דאס ארויסשיסען, דאס ארויסווארפען; א שפריץ; אן אויסשוס; דאס גים-לאך, פון וועלכען עס פליסט ארוים צושמאלצענער מעטאל; א וואסער-שטראהל; דער גאגאט אדער פעך-קויהל [זעהר א שווארצער ברושטין]; דער גאגאט-קאליר [א טיעף-שווארצער קאליר]; וואס איז געמאכט פון גאגאט אדער שווארצען ברושטין.

jet'-black *a.* (דזשעט'-בלעק) שווארץ ווי פעך-קויהל אדער גאגאט.

jet d'eau (זשיי דאו) א דינער שטראם וואסער וואס שפריצט פון א פאנטאן.

jet of steam (דזשעט אוו סטיעם) דער דאמפף-שטראם.

jet'-pump (דזשעט'-פאמפ) א פומפ, פון וועלכער די פליסיגקייט ווערט געטריבען דורך אן אנדער שטראם פון דערזעלבער אדער אן אנדערער פליסיגקייט.

jet'sam *n.* (דזשעט'-סעם) דאס ווארפען אין ים אריין; זאכען וואס ווערען אין א נויטה געווארפען אין ים.

jet'tiness *n.* (דזשעט'-אי-נעס) שווארצקייט, דער שווארצער קאליר; דאס זיין שווארץ.

jet'tison *n. and v.* (דזשעט'-אי-סאן) דאס ארויסווארפען וואארע פון א שיף אום זי גרינגער צו מאכען; ארויסווארפען זאכען פון א שיף, כדי זי גרינגער צו מאכען אויף'ן וואסער.

jet'ton *n.* (דזשעט'-אן) א זשעטאן, א מעדאל וואס איז געמאכט געווארען צוליעב וועלכער ניט איז פאסירונג.

jet'ty *v., n. and a.* (דזשעט'-אי) ארויסשטארצען [ווי א שטיין אדער באלקען פון א געביידע]; אן ארויסשטארצונג [פון א געביידע]; א וואל אדער דאמבע צו פערהאלטען דאס וואסער; גאגאט אדער פעך-קויהל [שווארצער ברושטין]; פון גאגאט אדער פעך-קויהל; שווארץ ווי גאגאט.

jet'tyhead *n.* (דזשעט'-אי-העד) א דאמבע אדער וואנד אין א האפען.

jeu d'esprit' (זשוי דעס-פרי') שארפזין, וויציגקייט.

Jew *n.* (דזשוה) א איד.

Jew'-bai'ter *n.* (דזשוה'-ביי'-טער) א אידען-פרעסער; א אידען-העצער, א אידען-פערפאלגער.

Jew'dom *n.* (דזשוה'-דאם) דאס יודענטום.

jew'el *n.* (דזשוה'-על) יואוועל, קליינאד, ציערונג; אן עדעלשטיין; א זאך וואס ווערט הויך געשאצט.

jew'el-box *n.* (דזשוה'-על-באקס) א ציערונג-שאכטעל.

jew'el-case *n.* (דזשוה'-על-קיים) ז. *jewel-box*.

jew'eler *n.* (דזשוה'-על-ער) א יואוועליער, איינער וואס מאכט אדער האנדעלט מיט ציערונג.

jew'el-house *n.* (דזשוה'-על-האוס) ז. *jewel-office*.

jew'eller *n.* (דזשוה'-על-ער) ז. *jeweler*.

jew'eller's art (דזשוה'-ע-לערז ארט) די יואוועליער-קונסט.

jew'eller's red (דזשוה'-על-ערז רעד) א מין רויטער פולווער, מיט וועלכען מען פאלירט עדעלשטיינער.

jew'ellery *n.* (דזשוה'-על-רי) ז. *jewelry*

jew'el-like *a.* (דזשוה'-על-לאיק) וואס גלאנצט ווי א ציערונג, ווי בריליאנטען.

jew'elly *a.* (דזשוה'-על-אי) ווי א בריליאנט, פיין.

jew'el-of'fice *n.* (דזשוה'-על-אפ'-איס) דער זאל אין דעם "טאוער" פון לאנדאן, וואו עס געפינען זיך די קרוינען און ציערונג פון דער ענגלישער מלוכה.

jew'elry *n.* (דזשוה'-על-רי) יוּאוועליער=ארבייט; ציערונג.

Jew'ess *n.* (דזשוה'-עס) א אידין, א אידישע פרוי.

jew'hood *n.* (דזשוה'-הוד) יודאאיזם, אידישקייט.

Jew'ish *a.* (דזשוה'-איש) אידיש; וואס איז שייך צו די אידען.

Jew'ish law (דזשוה'-איש לאה) תורת משה.

Jew'ishly *adv.* (דזשוה'-איש-לי) אויף א אידישען אופן.

Jew'ishness *n.* (דזשוה'-איש-נעס) אידישקייט.

Jew'ish Pale (דזשוה'-איש פייל) דער אידישער תחום אדער טשערטא [די 15 גובערניעס אין רוסלאנד וואו אידען איז ערלויבט צו וואהנען].

Jew'ism *n.* (דזשוה'-איזם) יודאאיזם, אידישקייט.

Jew'ry *n.* (דזשוה'-רי) דאס אידישע לאנד, ארץ ישראל: דאס אידישע פאלק; א אידישער קווארטאל אין א שטאדט.

Jew's'-ear *n.* (דזשוהז'-איער) דער יודען=אויער [אן אויער=עהנליכער שוואם אויף א בוים].

jew's'-harp *n.* (דזשוהז'-הארפ) דאס ברום=אייזען [א מוזיקאלישער אינסטרומענט, וואס בעשטעהט פון א מעטאלענעם צינגעל איינגעפאסט אין אן אייזערנעם רונדען רעהמעל, וועלכען מען האלט ביים מויל און מיט די פינגער קלאפט מען איבער'ן צינגעל]; דאס פעסעל אדער דער אייזערנער רינג, מיט וועלכען א קאנאט אדער קייט האלט דעם אנקער אויף א שיף.



Jew's-harp

Jew's'-mal'low *n.* (דזשוהז'-מעל'-או) די מאלווא [א מין גראז מיט גרויסע רויטע בליטהען].

Jew's'-stone *n.* (דזשוהז'-סטאון) א פערשטיינערטער ים=איגעל אדער יאזשיק וואס מען געפינט אין דער ערד.

jew's'-trump *n.* (דזשוהז'-טראמפ) ז. *jew's-harp*

Jez'ebel *n.* (דזשעז'-ע-בעל) איזבל [די פערדארבענע פרוי פון אידישען קעניג אחאב]; א שלעכטע, זינדיגע אדער בייזע פרוי.

JHVH. א פערקירצונג פון *Jehovah*

jib *n. and v.* (דזשיב) דאס גרויסע דריי=עקיגע זעגעל אין דעם פאדערשטען טייל פון א שיף; דער ארויסגעשטארצטער ארם פון א הויב=מאשין; אן אונרוהיג פערד, וואס מען קען ניט איינהאלטען אין צוים; א געשטעל פאר ביער=פעסער; די אונטערשטע ליפ; אריבערטראגען פון איין עק שיף אויף'ן צווייטען [וועגען די פאדערשטע זעגלען]; ניט איינשטעהן אויף איין ארט; ניט איינהאלטען זיך אין צוים [וועגען א פערד].

jib'ber *n.* (דזשיב'-ער) אן אונרוהיג פערד.

jib'-boom *n.* (דזשיב'-בוהם) א קיילעכדיגער באלקען, וואס איז א פערלענגערונג פון דעם שטאנג, וועלכער געפינט זיך אין דעם פאדערשטען טייל פון שיף.

jib'-door *n.* (דזשיב'-דאור) א געהיימע טהיר [א טהיר, וועלכע איז געפארבט אזוי ווי די וואנד און מען בעמערקט זי ניט].

jibe *v.* (דזשאיב) 1. אריבערטראגען פון איין עק שיף צום צווייטען [וועגען די פאדערשטע זעגלען]; 2. שטימען, זיין אין איינקלאנג.

2. The two plans did not seem to **jibe**.

jib'-o'-jib *n.* (דזשיב'-א-דזשיב) א קליין דרייעקיג זעגעל, וואס ווערט אנגעצויגען איבער דעם גרויסען דרייעקיגען זעגעל.

jib'-stay *n.* (דזשיב'-סטיי) דער געשטעל פון דער האריזאנטאלער מאסט אויף א שיף, צו וועלכער עס פערפעסטיגט זיך דאס דרייעקיגע זעגעל.

jib'-top'sail *n.* (דזשיב'-טאפ'-סייל) דאס אויבערשטע קלענערע דרייעקיגע זעגעל אויף א יאכטע.

jif'fy *n.* (דזשיפ'-אי) א רגע, א מאמענט, אן אויגענבליק.

jig *n. and v.* (דזשיג) א זשיג, אזא לעבהאפטער טאנץ; די מוזיק פון אזא טאנץ; א שפיצעל, א שטוקע; א שפאס; טאנצען א זשיג; צוזינגען ביים טאנצען א זשיג; בעוועגען זיך ארויף און אראב; פערטשעפען [ווי מיט א האטשעק].

jigamaree' *n.* (דזשיג-ע-מע-ריע') עטוואס נייעס, אונבעוואוסטעס.

jig'ger *n. and v.* (דזשיג'-ער) דער אדער דאס וואס זיפט אדער טרייסעלט דורך; אן אפאראט, וואס סארטירט, רייניגט אדער שווייינקט די אויסגעגראבענע ערץ [אין בערג=ארבייט]; ביי גארבער— דער רונדער אייזערנער וואליק מיט גריבעלעך, וועלכער פרעסט אויף'ן לעדער און מאכט איהם קערנדיג [שאגרסטקע]; דער פראפיל, וועלכער גיט צו א ליימענער כלי איהר פארם, בעת מען דרעהט זי אויף'ן רעדעל; א הויב=מאשין אין א שפייכלער; א טהיר; א קליינער טראמוויי וואס ווערט געפיהרט פון איין פערד; א פריים=קוראנט=מאשין; א טרונק בראנפען; א קליין פליגעלע, וואס זויגט זיך איין אין לייב און פעראורזאכט א זוד אדער בייסעניש; טרייסלען, ווארפען, שאקלען; א זשיג=טענצער [ז. *jig*].

jig'gered *a.* (דזשיג'-ערד) פערדאמט, פערפלוכט.

jig'ger-pump *n.* (דזשיג'-ער-פאמפ) א פומפ, וועלכע מען קען אריבערטראגען פון איין ארט אויף'ן צווייטען, דיענט צו בעגיסען מיט וואסער לאנקעס אדער בלומען=בייטען.

jig'get *v.* (דזשיג'-עט) שפרינגען; שטיפען; זיין פרעהליך.

jig'ging-machine' *n.* (דזשיג'-אינג-מע-שין') א מאשין איבערצוזיפען אדער סארטירען ערץ [אויסגעגראבענע רויהע מינעראלען].

jig'gish *a.* (דזשיג'-איש) וואס איז שייך צו א פרעהליכען טאנץ אדער זשיג; וואס איז אויפגעלעגט צו געהן א פרעהליך טענצעל.

jig'gumbob *n.* (דזשיג'-אמ-באב) עפעס א מאדנע אדער משונה'דיגע זאך.

jig'jog *n. and adv.* (דזשיג'-דזשאג) א בעוועגונג וואס קומט פאר דורך שטענדיגען שטויסען אדער רוקען פארווערטס; דורך א שטויסווייזער בעוועגונג.

jig'ot *n.* (דזשיג'-אט) דער זאדיק אדער הינטער=חלק [פון שעפסען=פלייש].

jig'-saw *n.* (דזשיג'-סאה) א דינע שמאלע זעג איינגעפאסט אין א ראהם, אז מען זאל קענען זעגען מיט איהר ארויף און אראב.

jill *n.* (דזשיל) א יונג מיידעל, א געליעבטע; א טעשעל; אן אכטעל פון א קווארט אדער א פיערטעל פון א פיינט [א געוויסע מאס פון פליסיגקייט אין דער ענגלישער און אמעריקאנער מאס=סיסטעם].

jill'-flirt *n.* (דזשיל'-פלירט) א קאקעטקע, א לייכטזיניגע פרוי.

jilt *n. and v.* (דזשילט) איינער אדער איינע, וועלכע בעשווינדעלט אין ליעבע [שפיעלט א ליעבע און ווארפט דערנאך אוועק דעם געליעבטען].

jim *a.* (דזשים) אויסגעציערט, אויסגעפוצט.

Jim *n.* (דזשים) פערקירצט פון דעם נאמען *James*

jim'crack *n. and a.* (דזשימ'-קרעק) ז. *gimcrack*

jim'crackery *n.* (דזשימ'-קרעק-ער-אי) ז. *gimcrackery*

jim'-crow *n.* (דזשימ'-קראו) אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען בויגט אדער גלייכט אויס אייזערנע שטאנגען אדער רעלסען.

Jim Crow (דזשים קראו) אן אלגעמיינער נאמען פאר א נעגער א וויצלינג [אין אמעריקא].

Jim Crow car (דזשים קראו קאר) אן אייזענבאהן=וואגאן פאר נעגערס.

jim'mer *n.* (דזשימ'-ער) א טהיר=אנגעל, א טהיר=זאוויעסע.

jim'my *n.* (דזשימ'-אי) א ברעך=אייזען וואס ווערט בענוצט פון גנבים; א קויהלען=וואגאן.

jimp'son *n.* (דזשימפ'-סאן) ז. *jimson-weed*

jim'son-weed *n.* (דזשימ'-סאן-הוויעד) אזא גיפטיג גראז מיט ווייסע בליטהען [ווערט בענוצט אין דער מעדיצין].

jin'gal *n.* (דזשינ'-גאהל) א קליינער הארמאט [אין אסט=אינדיען].

jin'gle *v. and n.* (דזשינ'גל) קלינגען [ווי מיט גלעקלעך אדער שטיקלעך מעטאל]; האבען א מוזיקאלישען קלאנג; א קלינגעריי; עטוואס וואס קלינגט; א קליין גלעקעל; קלינגענדע ריימען [אין פאעזיע]; א מין אירלענדיש וועגעל אויף צוויי רעדער; א מין מאלוסק [א ווייך ים=חיה'לע].

jin'gle brains (דזשינ'גל בריינז) א צוטומעלטער קאפ, א לייכטזיניגער מענש.

jin'gle-jan'gle *n.* (דזשינ'גל-דזשענ'גל) קלינג=קלאנג, דאס צימבלען, דאס ריימפלען.

jin'gler *n.* (דזשינ'-גלער) א קלינגער, א פלאפלער; אן ארט שפארען וואס מען טראגט אויף די שטיוועל.

jin'glet *n.* (דזשינ'-גלעט) א קליין מעטאלען קייקעלע וואס קלינגט אין א גלעקעל; א גלעקעל.

jin'gling-match *n.* (דזשינ'-גלינג-מעטש) א שפיעל אין וועלכען איינער מיט פערבונדענע אויגען סטארעט זיך צו כאפען אן אנדערען מיט ניט פערבונדענע אויגען, וועלכער לויפט מיט א קלינגענדען גלעקעל אין האנד.

Jin'go *n.* (דזשינ'-גאו) א דזשינגא, א מארד=פאטריאט, א שאווינֿיסט; איינער וועלכער פאדערט אן אגרעסיווע [אנגריי=פענדע] פאליטיק בנוגע צו די אויסלענ=דישע מלוכות.

Jin'goism *n.* (דזשינ'-גא-איזם) דזשינ=גאאיזם, מארד=פאטריאטיזם, שאוויניזם, די פרינציפען און פאליטיק פון די דזשינ=גאס. ז. *Jingo*

jinrick'sha *n.* (דזשינ-ריק'-שא) ז. *jinriksha*

jinrik'isha *n.* (דזשינ-ריק'-אי-שא) ז. *jinriksha*

jinrik'sha *n.* (דזשינ-ריק'-שא) א יאפאניש וועגעל אויף צוויי רעדער, וואס ווערט געפיהרט פון א מענשען.

Jinriksha

jip'po *n.* (דזשיפ'-או) א יאקעל, א קארסעט.

jiu-jut'su *n.* (דזשוה-דזשוט'-סו) אן ארט ראנגלען זיך וואס ווערט פראקטי=צירט אין יאפאן; א יאפאנישע סיסטעם פון פיזישע איבונגען.

JJ. אן אבקירצונג פון *Justices*

Joan of Arc (דזשאון אוו ארק) זשאן ד'ארק, די יונגפרוי פון ארלעאן [די נא=ציאנאלע פראנצויזישע העלדין, וועלכע האט פערטריבען די ענגלענדער פון פראנקרייך און האט אומגעקעהרט קארל דעם 7טען צו זיין טהראן אין יאהר 1429].

Job *n.* (דזשאוב) איוב.

job *n., a. and v.* (דזשאב) א שטעלע, א בע=שעפטיגונג, אן ארבייט, א פאדריאד; א שטע=לע אדער אמט וואס ברייננט א לייכטען פראפיט; א שלאג, א שטויס, א שטאך; [ווי געדונגען פאר א געוויסער ארבייט [ווי א געדונגען פערד]; געבען א שטיקעל ארבייט; קויפען אין אנגרא [הורטאוו=נע] און פערקויפען צו קליין=הענדלער; מאכען צופעליגע שטיקלעך ארבייט; אויס=נוצען א געזעלשאפטליכען אמט פאר פרי=וואטע צוועקען.

joba'tion *n.* (דזשא-ביי'-שאן) מוסר, שטראף=רייד.

job'ber *n.* (דזשאב'-ער) איינער וואס מאכט א צופעליג שטיקעל ארבייט; א הענדלער וואס קויפט סחורה אין גרויסע מאסען און פערקויפט זי צו קליין=הענד=לער; א פערמיטלער [אין האנדעל]; אן אקציען=קרעמער [אויף דער בערזע]; איי=נער וואס נוצט אויס א געזעלשאפטליכע שטעלע אדער אמט פאר זיינע פריוואטע אינטערעסען.

job'bery *n.* (דזשאב'-ער-אי) דאס זו=כען אן אמט אין א געזעלשאפטליכער אינ=סטיטוציאן, כדי צו האבען לייכטע פרנסה.

job'bing-house *n.* (דזשאב'-אינג-האוס) א האנדעלס=פירמע, וועלכע קויפט אויף סחורות פון פאבריקען אין אנגרא [אין א גרויסער מאס מיט אמאל] און פערקויפט זיי צו קליין=הענדלער.

job lot (דזשאב לאט) א בינטעל פער=שיעדענע סחורות וואס ווערט ביליג פער=קויפט; רעשטלעך; א מציאה.

job'-mas'ter *n.* (דזשאב'-מעס'-טער) איינער וואס האלט פערד און וועגען צום פערדינגען.

job'-of'fice *n.* (דזשאב'-אפ'-אים) א דרוקעריי, וואו מען דרוקט פערשיעדענ=ארטיגע זאכען, ווי קארטען, אפישען, בי=כער [אויסער טעגליכע צייטונגען].

job'-press *n.* (דזשאב'-פרעס) א דרוק=מאשין, אויף וועלכער עס דרוקען זיך קלענערע זאכען, ווי קארטען, מודעות, קליינע אפישען א. ד. ג.

job'-prin'ter *n.* (דזשאב'-פרינ'-טער) א דרוקער וואס דרוקט פערשיעדענע קלע=נערע זאכען, ווי קארטען, אפישען א. ד. ג.

job'-prin'ting *n.* (דזשאב'-פרינ'-טינג) דאס דרוקען פערשיעדענע קלענערע זא=כען, ווי קארטען, אפישען א. ד. ג.; א דרוקעריי, וואו אזעלכע זאכען ווערען גע=דרוקט.

Job's com'fort (דזשאובז קאמ'-פארט) איוב'ס גליקען, דאס טרייסטען זיך מיט חלשות.

Job's com'forter (דזשאובז קאמ'-פאר-טער) איוב'ס טרייסטער, איינער וואס קומט צום צווייטען מיט כלומרש'די=גע טרייסט און מאכט איהם נאך מעהר נידערגעשלאגען.

Job's news (דזשאובז ניוז) טרויע=ריגע ידיעות; א שלעכטע בשורה.

Job's post (דזשאובז פאוסט) איינער וואס ברייננט א שלעכטע בשורה.

Job's'-tears' *n.* (דזשאובז'-טיערז') דאס טרעהרען=גראז [א מין גראז, אויף וועלכען עס וואקסען רונדע און ווייסע יאגדעס, וואס זיינען עהנליך צו טראפענס טרעהרען]; קארעלען פון טרעהרען=גראז.

job'-type *n.* (דזשאב'-טאיפ) דרוק=שריפט פאר פערשיעדנארטיגע קלענערע דרוק=ארבייט, ווי קארטען, אפישען א. ד. ג.

job'-work *n.* (דזשאב'-הוואירק) בעשטע=לונגס=ארבייט [ווי א שניידער וועלכער נעהמט פאר קונדען און ניט פאר'ן מארק]; ארבייט הורטאם [ווען מען קריעגט בע=צאהלט פאר דער גאנצער ארבייט, ניט פון טאג אדער שטונדע]; אין דרוקעריי — פערשיעדנארטיגע קליינע דרוק=זאכען, ווי קארטען, אפישען א. ד. ג.

jock *n.* (דזשאק) א גרום, א זשאקיי. ז. *jockey*

jock'ey *n. and v.* (דזשאק'-אי) א גרום, א שטאל=קנעכט [א דיענער וואס פאסט אויף די פערד]; א זשאקיי [איינער, וועלכען מען דינגט צו רייטען אויף א פערד אין וועט=לויף]; א בעטריגער, א שווינדלער; בעטריגען, בעשווינדלען; אנשטויסען זיך, אבשלאגען זיך [רייטענ=דיג אין וועט=לויף].

jock'ey-club *n.* (דזשאק'-אי-קלאב) א קלוב פון ליעבהאבער פון פערד=ערצי=הונג, פערד=רייטונג און וועט=לויף.

jock'eyship *n.* (דזשאק'-אי-שיפ) רייט=קונסט [די קונסט פון רייטען אויף פערד, בעזאנדערס אין א וועט=לויף]; א כלומרש'=דיגער עהרען=טיטול.

jock'ey-whip *n.* (דזשאק'-אי-הוויפ) א רייט=בייטשעל, וואס ווערט בענוצט פון א רייטער אין וועט=לויף.

jock'y *n.* (דזשאק'-אי) ז. *jock*

jocose' *a.* (דזשא-קאוס') שפאסהאפט, לוסטיג.

jocose'ly *adv.* (דזשא-קאוס'-לי) אויף געלעכטער, אין שפאס.

jocose'ness *n.* (דזשא-קאוס'-נעס) שפאסהאפטיגקייט, לוסטיגקייט.

jocose'rious *a.* (דזשאו-קאו-סי'-רי-אס) האלב=ערנסט, האלב אין שפאס.

jocos'ity *n.* (דזשא-קאס'-אי-טי) ז. *jocoseness*

joc'ular *a.* (דזשאק'-יו-לאר) ז. *jocose*

jocular'ity *n.* (דזשאק-יו-לער'-אי-טי) ז. *jocoseness*

joc'ularly *adv.* (דזשאק'-יו-לאר-לי) אויף א שפאסהאפטען אדער לוסטיגען אופן.

joc'ulator *n.* (דזשאק'-יו-ליי-טאר) א שפאס=פויגעל, א פרעהליך=מאכער, א בדחן; א ליעדער=זינגער.

joc'ulatory *a.* (דזשאק'-יו-ליי-טא-רי) ז. *jocose*

joc'und *a.* (דזשאק'-אנד) מונטער, לוס=טיג, פרעהליך.

jocun'dity *n.* (דזשא-קאנ'-די-טי) מונטערקייט, לוסטיגקייט.

joc'undly *adv.* (דזשאק'-אנד-לי) אויף א פרעהליכען, לוסטיגען שטייגער.

joc'undness *n.* (דזשאק'-אנד-נעס) ז. *jocundity*

joc'undry *n.* (דזשאק'-אנ-דרי) פרעה=ליכקייט, לעבעדיגקייט, לוסטיגקייט.

Joe Mil'ler (דזשאו מיל'-ער) אן אויס=געדראשענער, אלטער וויץ; א וויץ=בוך.

Joe'-Mil'lerism *n.* (דזשאו'-מיל'-ער-איזם) דאס דערצעהלען וויצען [הויפט=זעכליך אלטע, אויסגעדראשענע וויצען]; אן אלטער וויץ.

jog *v. and n.* (דזשאג) לייכט שטויסען; אנשטויסען אויף עפעס [מאכען איינעם אויפמערקזאם]; זיך לאנגזאם בעוועגען, טרייסלען זיך; א לייכטער שטויס; דאס טרייסלען זיך; דאס בעוועגען זיך ניט רעגעלמעסיג, א שפרינגענדע בעוועגונג.

jog along' (דזשאג ע-לאהנג') לאנגזאם אדער געמיטליך ווייטער פאהרען.

jog'ger *n.* (דזשאג'-ער) איינער וואס גיט א לייכטען שטויס, איינער וואס שטופט אונטער; איינער וואס געהט לאנגזאם, וואקלענדיג.

jog'gle *v. and n.* (דזשאגל) לייכט טרייסלען, אונטערשטופען; פעראייניגען צוויי קלעצער אדער שטיינער דורך די ארויסגעשטארצטע קליגעם אדער צייה=נער, וואס שטעלען זיך אריין איינע אין די אנדערע; בעוועגען וואקלענדיג; א לייכטער שטויס; דאס אונטערשטופען אדער אונטעררוקען; דאס אויסגעבויער=טע לאך פון א קלאץ, אין וועלכען עס שטעלט זיך אריין דער ארויסגעשטארצ=טער קלין אדער צאהן פון א צווייטען קלאץ ביים פעראייניגען זיי צוזאמען; א קלין ביים ענד פון א באלקען וואס לאזט איהם ניט זיך אומרוקען אין די זייטען.

jog'gle-joint *n.* (דזשאג'ל-דזשאינט) א קלין, וואס ווערט אריינגעשלאגען ביים ענד פון א באלקען, כדי ער זאל זיך ניט אומרוקען אין די זייטען.

jog'gle-piece *n.* (דזשאג'ל-פיעס) דער אויבערשטער באלקען אדער הענג=זייל אין די קראקוועס פון א דאך.

jog'-trot *n. and a.* (דזשאג'-טראט) א לייכטער געלאסענער לויף [ביים ריי=טען אויף א פערד]; א לאנגזאמע, מא=נאטאנע ארט פון טהאן געוועהנליכע טעג=ליכע ארבייט; לאנגזאם, מאנאטאנע.

Johan'nite *n.* (דזשא-הענ'-איט) א יא=האניט, איינער פון א קריסטליכען ריטער=ליכען ארדען, וועלכער האט זיך געגרינ=

דעט אין ירושלים אין דער צייט פון די קרייץ־ציגע אין יאהר 1048.

johan'nite *n.* (דזשא־האנ׳־איט) יאהא־ניט [אזא גרינער מינעראל].

John *n.* (דזשאן) יאהאן, איוואן; אן אלגעמיינער נאמען פאר א מאנספערזאן אדער אינגעל, בעזאנדערס פאר אן אונגעשיקטען מאן.

john'-ap'ple *n.* (דזשאן־עפ׳ל) די יאהאנים־עפעל [אן עפעל וואס ווערט צייטיג שפעט אין הערבסט].

John Bar'leycorn (דזשאן באר׳־לי־קאהרן) א פערזאן וועלכע פערזאניפיצירט אדער שטעלט פאר אויף א הומאריסטישען אופן שכרות.

John Blunt (דזשאן בלאנט) א גראבער עהרליכער יונג.

John Bull (דזשאן בול) אן ענגלענדער; די ענגלענדער אין אלגעמיין; א שפיעל, אין וועלכען מעןווארפט פעניס אדער סענטען אויף א גלאטען שטיין, וואס איז צוטיילט אויף 16 קליינע נומערירטע קוואדראטען.

John'-Bull'ism *n.* (דזשאנ׳־בול׳־איזם) דאס ענגלישע, דאס וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די ענגלענדער.

John Chi'naman (דזשאן טשאי׳־נא־מען) א כינעזער; די כינעזער אין אלגעמיין.

John Com'pany (דזשאן קאמ׳־פע־ני) א צונעמעניש וואס איז געגעבען געווארען איראניש דער ענגלישער אסט־אינדישער געזעלשאפט.

John Doe (דזשאן דאה) א פיקטיווער נאמען אין געריכטס־פראצעסען [א נאמען פון אן אנגעקלאגטען אין געריכט, וועמעס ווירקליכער נאמען איז אונבעוואוסט].

John Doe inquir'y (דזשאן דאה אינ־קוואיר׳־אי) א געריכטס־אונטערזוכונג וועגען א פערזאן אדער פערזאנען, וועלכע זיינען פארמעל ניט אנגעקלאגט געווארען אין געריכט.

John'-do'ry *n.* (דזשאנ׳־דא׳־רי) דער הערינג־קעניג [א מין פישעלע מיט רויטליכע פלוס־פעדערען].

john'ny *n.* (דזשאנ׳־אי) אזא קליינער פיש מיט א גלאטער הויט און מיט א קליינעם שפיציגען קאפ [געפינט זיך אין גרויסע מאסען ארום די מערב־ברעגען פון אמעריקא]; א מין פינגווין [א ים־פויגעל].

John'ny *n.* (דזשאנ׳־אי) א פראנט, א פרויען־נאכלויפער [איבערהויפט נאך אקטריסעס], א פוסט־און־פאסניק; יאהאן.

john'ny-cake *n.* (דזשאנ׳־אי־קייק) א מין געבעקס פון טערקישער מעהל אדער קוקורוזע.

john'ny on the spot (דזשאנ׳־אי אן טהי ספאט) איינער וואס פערשלאפט קיינמאל ניט אדער וואס איז אלע מאל אין צייט.

John Plush (דזשאן פלאש) א לאקיי.

join *v. and n.* (דזשאין) פעראייניגען, פערבינדען, צוזאמענבינדען; צושטעהן צו עפעס; פערבינדען זיך מיט אימעצען אדער עפעס; נעהמען אנטייל אין עפעס אויף א פריינדליכען אדער פיינדליכען אופן; צוגעבען, בעהעפטען; זיין פעראייניגט; צוזאמענקומען; אויסבילדען א פעראייניגונג; א פערבינדונג; דאס ארט וואו צוויי טיילען זיינען פערבונדען.

join bat'tle (דזשאין בעט׳ל) אנפאנגען א שלאכט [מיט אימעצען].

join'der *n.* (דזשאינ׳־דער) א פעראייניגונג; א צוזאמענבינדונג; אין געריכטס־פיהרונג — די פעראייניגונג פון צוויי אנקלאגען געגען איינעם אין איין אנקלאגע; די פעראייניגונג פון עטליכע פערזאנען צוזאמען אלס אנגעקלאגטע אין איין פראצעס; דאס אננעהמען אלס שטרייט־פונקט די טענה פון געגנערישען צד.

join'der in demur'rer (דזשאינ׳־דער אין דע־מיור׳־ער) אין געריכטס־פיהרונג — דאס אננעהמען די טענה פון געגנערישען צד און בעהויפטען, אז וועגן אפילו די פאקטען זיינען ריכטיג קומט ניט דעם אנקלאגער דאס וואס ער מאהנט.

join'der in is'sue (דזשאינ׳־דער אין איש׳־אוה) ז. *joinder of issue*

join'der of is'sue (דזשאינ׳־דער אוו איש׳־אוה) אין געריכטס־פראצעסען — דאס אננעהמען דעם שטרייט־פונקט פון דעם צווייטען צד.

joined with (דזשאינט הוויטה) אין איינקלאנג, אין איינקלאנג מיט אימעצען אדער עפעס.

joi'ner *n.* (דזשאי׳־נער) א טישלער, א סטאליער; א סטאליער־געצייג.

joi'ner's bench (דזשאי׳־נערז בענטש) א הובעל־באנק.

joi'ner's glue (דזשאי׳־נערז גלוה) טישלער־קליי.

joi'nery *n.* (דזשאי׳־נער־אי) טישלער־ארבייט, סטאליעריי.

joi'ning *n.* (דזשאי׳־נינג) א פערבינדונג, א צוזאמענהעפטונג, א צוזאמענשמעלצונג.

join in the cho'rus (דזשאין אין טהי קאו׳־ראס) מיט־איינשטימען, צושטעהן צו אלע איבריגע.

join is'sue (דזשאין איש׳־או) נעהמען א צד [דאפיר אדער דאגעגען] אין א שטרייט־פונקט אדער דעבאטע.

join part'nership (דזשאין פארט׳־נער־שיפ) ווערען א שותף.

joint *n., a. and v.* (דזשאינט) דאס ארט אדער פונקט וואו צוויי אדער עטליכע זאכען [ווי די ברעטלעך פון א קעסטעל] זיינען פערבונדען אדער פעראייניגט; א פערבינדונג, א פעראייניגונג; אין באטאניק — א קנאטען [א געלענק פון א פלאנצע]; אין אנאטאמיע — א געלענק, דאס ארט וואו צוויי ביינער שטעלען זיך אריין איינער אין דעם אנדערען; א גליעד; אין געאלאגיע — א שפאלט, וואס שניידט דורך א שטיין־מאסע; איינע פון די שטיקער, אויף וועלכע א קצב צוהאקט א געקוילעטע און אבגעשונדענע בהמה; א פלאץ, וואו מען פערזאמעלט זיך פאר געהיימע אונגעזעצליכע אדער פערברעכערישע צוועקען [הויפטזעכליך אום זיך צו פער׳שכור׳ען מיט אפיום]; פערבונדען, פעראייניגט; געמיינשאפטליך; פעראייניגט אין פערפליכטונגען [וועגען קאנטראקטען, לויט וועלכע מען קען קלאגען נור אלע שותפים צוזאמען]; צוגליעדערען; פאנאנדערנעהמען אברים־ווייז; פעראייניגען, פערבינדען; צוזאמענבינדען; מאכען די זאך אזוי, אז זי זאל זיך קענען פערבינדען מיט אן אנדער זאך.

joint and sev'eral (דזשאינט ענד סעוו׳־ע־רעל) פעראייניגט אין פערפליכטונגען אויף אזא אופן דאס דער קרעדיטאר קען פאדערען פון אלעמען צוזאמען און פון יעדען בעזונדער.

joint bat'teries (דזשאינט בעט׳־ע־ריז) צוויי באטערייען וועלכע שיסען געמיינשאפטליך אין איין ציעל.

joint commit'tee (דזשאינט קא־מיט׳־אי) א געמיינשאפטליכער קאמיטעט [א קאמיטעט וואס איז צונויפגעשטעלט פון פערשידענע קערפערשאפטען].

joint con'tract (דזשאינט קאנ׳־טרעקט) א געמיינשאפטליכער קאנטראקט [א קאנטראקט דורך וועלכען די קאנטראקטארס זיינען געמיינשאפטליך געבונדען צו ערפילען די פערפליכטונגען פון קאנטראקט און זיינען געמיינשאפטליך בערעכטיגט צו די פראפיטען אדער פריווילעגיעס וואס דער קאנטראקט גיט].

joint conven'tion (דזשאינט קאנ־ווענ׳־שאן) אין אמעריקאנער פארלאמענטאריזם — א געמיינשאפטליכע זיצונג פון ביידע הייזער [רעפרעזענטאנטען־הויז און סענאט] פון דעם קאנגרעס אדער פון שטאאט־לעגיסלאטור.

joint'-coup'ling *n.* (דזשאינט׳־קאפ׳־לינג) א פארם פון אן אוניווערזאל־געלענק, ביי וועלכע די געלענקען אדער גליעדער זיינען צוזאמענגעשלאסען. ז. *universal joint*

join'ted *a.* (דזשאינ׳־טעד) געגליעדערט, וואס האט געלענקען.

join'ted fig'ure (דזשאינ׳־טעד פיג׳־יור) א האמפעלמאן [א שפיעלצייג פאר קינדער].

join'tedly *adv.* (דזשאינ׳־טעד־לי) דורך געלענקען.

join'ter *n.* (דזשאינ׳־טער) דער אדער דאס וואס פעראייניגט [ווי דער אינסטרומענט ביי א באנדער וואס פאסט צוזאמען די בעזונדערע ברעטלעך פון א פאס]; ביי מויערער — אן אייזערנער קלאמער, וועלכער איז איינגעמויערט אין ווינקעל, וואס פעראייניגט צוויי ווענד; אן אינסטרומענט אויסצופילען די שפאלטען צווישען ציגעל אדער שטיינער אין א געביידע.

join the major'ity (דזשאין טהי מע־דזשאר׳־אי־טי) אוועקגעהן וואו אלע געהען [שטארבען].

join the ranks (דזשאין טהי רענקס) אריינטרעטען אין דער ארמעע; אריינטרעטען אין די רייהען; זיך אנשליסען.

join'ting-rule *n.* (דזשאינ׳־טינג־רוהל) א לאנגער לינעאל, וועלכער ווערט בענוצט פון מאלער צו מאכען ליניען, בעת זיי פארבען א וואנד, אז זי זאל אויסזעהן ווי א געמויערטע וואנד פון ציגעל.

joint'less *a.* (דזשאינט׳־לעס) אהן קנאטען אדער קניפלעך [ביי פלאנצונגען]; אהן געלענקען אדער גליעדערונג; שטייף, אונבויגזאם.

joint'ly *adv.* (דזשאינט׳־לי) צוזאמען; איינשטימיג; אין הארמאניע.

joint'-oil *n.* (דזשאינט׳־איל) געלענק־זאפט, די זאפט וואס געפינט זיך צווישען די גליעדער פון קערפער.

joint'-pin *n.* (דזשאינט׳־פין) א שטיפט, מיט וועלכען מען פעראייניגט צוויי זאכען.

joint'-rack'ing *a.* (דזשאינט׳־רעק׳־אינג) וואס רופט ארויס א וועהטאג אין די געלענקען.

join'tress *n.* (דזשאינ׳־טרעס) א פרוי, וועלכע הערשט אדער בעזיצט עפעס צוזאמען מיט נאך א פערזאן.

joint'-ring *n.* (דזשאינט׳־רינג) א דאפעל־רינג, א רינג וואס איז אזוי צוזאמענגעשטעלט, דאס ער בעשטעהט פון צוויי גלייכע טיילען.

joint'-stock *a.* (דזשאינט׳־סטאק) וואס איז שייך צו א געשעפט, פון וועלכען דער קאפיטאל איז פאנאנדערגעטיילט אין אקציען. ז. *joint-stock company*

joint'-stock com'pany (דזשאינט'- סטאק קאמ'-פע-ני) א געשעפטס-געזעל-שאפט, וואו דער קאפיטאל בעשטעהט פון אקציען צוטיילט צווישען די מיטגליעדער און וואו א נייער מיטגליעד קען אריינ-טרעטען ניט לויט דער הסכמה פון די אנדערע מיטגליעדער [אזוי ווי אין א שותפות-געשעפט], נאר אויב ער האט אק-ציען פון דער געזעלשאפט.

joint'-stool *n.* (דזשאינט'-סטוהל) א צוי-נויפלעג-שטוהל.

join'ture *n. and v.* (דזשאינ'-טשור) א גוט אדער לאנד-בעזיץ וואס ווערט פער-שריבען אויף'ן נאמען פון מאן און ווייב פאר זייער חתונה; אן איינענטום וואס דאס ווייב ירש'ענט נאד'ן מאן'ס טויט: פערשרייבען אויף'ן נאמען פון מאן און ווייב; פערשרייבען אן איינענטום אויף'ן ווייב'ס נאמען, אז זי זאל עס קענען ירש'ענען נאד'ן מאן'ס טויט.

joist *n. and v.* (דזשאיסט) איינער פון די קווער-באלקענס, אויף וועלכע מען שלאגט אן די ברעטער פון א פאדלאגע; לעגען קווער-באלקענס.

joke *n. and v.* (דזשאוק) א שפאס, א וויץ; דאס וואס ווערט געמיינט ניט ערנסט; שפאסען; וויצלען זיך וועגען אימעצען אדער עפעס.

jo'ker *n.* (דזשאו'-קער) א שפאס-טרייי-בער, א וויצלינג; א קארט וואס ווערט צוגעגעבען צו א פעשעל קארטען און דיענט אין געוויסע שפיעלען; א געהיי-מע זאך אדער א שפיצעל, דורך וועלכע מען געווינט; א כלומר'שט ניט וויכטיגער פונקט אין א געזעץ-פראיעקט, וואס ווערט אריינגע'גנב'עט פון די געגנער, אום שפע-טער אבצושוואכען דאס געזעץ.

joke'smith *n.* (דזשאוק'-סמיטה) א פרא-פעסיאנעלער וויצלינג.

jo'kingly *adv.* (דזשאו'-קינג-לי) אויף קאטאוועס, אויף א געלעכטער.

jole *n.* (דזשאול) א באק.

jollifica'tion *n.* (דזשאל-אי-פי-קיי'-שאן) עפעס וואס ווערט געזאגט אדער געמאכט מיט דעם ציעל צו מאכען לוס-טיג, פרעהליך; די זאך וואס מאכט פרעה-ליך; דאס, וואס ווערט געטהאן אדער געמיינט ניט ערנסט.

jol'lify *v.* (דזשאל'-אי-פאי) מאכען פרעהליך אדער שכור'לעך; ווערען בגילופין.

jol'lily *adv.* (דזשאל'-אי-לי) אויף א לוס-טיגען, פרעהליכען אופן.

jol'liness *n.* (דזשאל'-אי-נעס) לוסטיג-קייט, פרעהליכקייט, מונטערקייט.

jol'lity *n.* (דזשאל'-אי-טי) ז. *jolliness*.

jol'ly *a., adv., n. and v.* (דזשאל'-אי) לוסטיג, פרעהליך, מונטער; יום-טוב'דיג; גרויס, זעלטען, פארטרעפליך; שכור'ליך; אויפמונטערנדע רייד; ניט קיין ערנ-סטער אנבאט אויף אן אויקציאנס-פער-קויף; א מאשין מיט וועלכער מען מאכט ליימענע אדער פארצעלייענע טעלער; מאכען א פאלשען אנבאט אויף אן אויק-ציאנס-פערקויף; אויפמונטערען איינעם; זיין אויפגעלעגט בנוגע צו איינעם, לאש-טשענען.

jol'ly-boat *n.* (דזשאל'-אי-באוט) א קליין שיפעל וואס געהערט צו א גרויסער שיף.

jol'ly lot (דזשאל'-אי לאט) א פרעהליכע חברה.

jolt *n. and v.* (דזשאולט) א שטויס, א טרייסעל; טרייסלען; זיך טרייסלען.
The automobile ran into a fence and we all received a severe **jolt**.

jol'ter *n.* (דזשאול'-טער) איינער וואס שטויסט אדער טרייסעלט.

jolt'head *n.* (דזשאולט'-העד) א פויער-שער קאפ, א נאר.

jol'tingly *adv.* (דזשאול'-טינג-לי) טרייסלענדיג.

jongleur' *n.* (זשאנ-גליור') א זשאנגלער, א מיטעלאלטערליכער זינגער וואס פלעגט וואנדערען פון ארט צו ארט; א קונצען-מאכער, א פאקוסניק, א שווערדען-שלינ-גער.

Jonquil

jon'quil *n.* (דזשאנ'-קהוויל) דער יאנקוויל [א מין צוויעבעל-ארטיגע פלאנצע מיט לאנגע, שמאלע און צילינדער - פערמיגע בלעטער און מיט העל-געלבע בלומען. איינע פון די פלאנ-צען וואס בליהען זיך פא-נאנדער אין די פריהעסטע צייטען פון פריהלינג]; א העל - געלבער קאליר אויף פארצעלייי; א מין קאנאריק.

jonquille' *n.* (דזשאנ-קהוויל') ז. *jonquil*.

jook *v.* (דזשוהק) ז. *jouk*.

jor'dan *n.* (דזשאהר'-דען) א פלאש, אין וועלכער די פילגרימען [די וועלכע פלע-גען עולה לרגל זיין אין ירושלים] פלעגען ברייגגען וואסער פון דעם טייך ירדן; א פיש-טאפ.

jo'rum *n.* (דזשאו'-ראם) א גלאז ביער; א גלעזעל פונש.

josh *v.* (דזשאש) שפאסען, מאכען לצנות.

joss *n.* (דזשאס) א כינעזישער אבגאט.

joss'-house *n.* (דזשאס'-האוס) א כי-נעזישער טעמפעל.

joss'-pa'per *n.* (דזשאס'-פיי'-פער) גאלד אדער זילבער-פאפיער וואס די כי-נעזער פערברענען ביים בעערדיגען זיי-ערע טויטע.

joss'-stick *n.* (דזשאס'-סטיק) א שמע-קענדיגער שטעקעל וואס מען נוצט אלס ווייררויך [קטרת] אין א כינעזישען טעמפעל.

jos'tle *v. and n.* (דזשאס'ל) שטויסען, שטופען זיך; פערהאלטען, אבשטעלען; א שטויס; דאס שטופען זיך.
The passengers were **jostling** one another on the deck of the ship.

jot *n. and v.* (דזשאט) א יאָט, א יוד; אנשרייבען שנעל.

jot down (דזשאט דאון) אנשרייבען בקיצור, נאטירען.
Let me **jot down** your address for future reference.

jot'ter *n.* (דזשאט'-ער) איינער וואס פערצייכענט קורצע נאטיצען; א בוך אין וועלכען עס ווערען געמאכט קורצע נא-טיצען.

jot'ting *n.* (דזשאט'-אינג) א קורצער נא-טיץ, א מעמאראנדום.

jougs *n.* (דזשוהגז) אן אייזערנער האלז-באנד, מיט וועלכען מען פלעגט אין די אמאליגע צייטען צושמידען א פערברע-כער צו דער וואנד אדער צו א בוים.

jouk *v.* (דזשוהק) זיך פערנייגען.

joule *n.* (דזשאול) א דזשאול [אן עלעק-טרישע ענערגיע-איינהייט אויף דעם נא-מען פון דעם בעריהמטען ענגלישען פי-זיקער דזשאול, געבארען אין יאהר 1818. די איינהייט איז גלייך צו דער ארבייט וואס ווערט געשאפען אין 1 סעקונדע פון אן עלעקטרישען שטראם פון 1 אמפער שטארקייט, ווען ער געהט דורך א ווי-דערשטאנד פון 1 אהם. ז. *ohm*].

joule'meter *n.* (דזשאול'-מי-טער) א דזשאול-מעטער [אן אפאראט צו מעסטען עלעקטרישע ענערגיע, ביי וועלכען דער דזשאול ווערט געברויכט אלס איינהייט]. ז. *joule*.

jounce *v. and n.* (דזשאונס) שפרינגען, טרייסלען [ווי ביים פאהרען אין א וואָ-גען]; א טרייסעל.

jour'nal *n. and v.* (דזשויר'-נעל) א טאגע-בוך; אין בוכהאלטעריע — דער זשורנאל, דאס בוך וואו עס פערשרייבען זיך אלע איינגאהמען און אויסגאבען פאר'ן טאג; א זשורנאל, א צייטונג; אין א מאשין — דער טייל פון אקס אדער וואל, וועלכער ליעגט אין לאגער; ארייג-שטעלען דעם וואל פון א מאשין אין זיין לאגער.

jour'nal-bear'ing *n.* (דזשויר'-נעל-בעהר'-אינג) אין א מאשין — דער לא-גער אין וועלכען עס ליעגט דער אקס אדער וואל.

jour'nalise *v.* (דזשויר'-נעל-איז) ז. *journalize*.

jour'nalism *n.* (דזשויר'-נעל-איזם) זשורנאליזם, צייטונגס-שרייבעריי, דאס שרייבען און ארויסגעבען צייטונגען.

jour'nalist *n.* (דזשויר'-נעל-איסט) א זשורנאליסט, א צייטונגס-שרייבער; איי-נער וואס שרייבט א טאגע-בוך.

journalis'tic *a.* (דזשויר-נע-ליס'-טיק) זשורנאליסטיש, וואס איז שייך צו זשורנאלען אדער צייטונגען.

jour'nalize *v.* (דזשויר'-נעל-איז) אין בוכהאלטעריע — אריינטראגען אין טאגע-בוך; אנטייל נעהמען אין דער ארויסגע-בונג פון א זשורנאל אדער צייטונג.

jour'ney *n. and v.* (דזשויר'-ני) א ריי-זע, דאס דורכפאהרען זיך פון איין ארט צום צווייטען; אין גלאז-פאבריקאציאן — די צייט וואס עס נעהמט צו פערוואנד-לען רויהע מאטעריאלען אין גלאז; די וואג פון פארטיגע מטבעות וואס ווערט פאר איין מאל איבערגעגעבען דעם מינץ-הויז אין ענגלאנד [ז. *journey-weight*]; רייזען; דורכפאהרען זיך פון איין ארט צום צווייטען.

jour'neyer *n.* (דזשויר'-ני-ער) א ריי-זענדער, א וואנדערער.

jour'neyman *n.* (דזשויר'-ני-מען) א בעל-מלאכה וואס איז שוין ארויס פון דער לעהרע; א פועל, אן ארבייטער-געזעל; א טאג-ארבייטער.

jour'neyman par'son (דזשויר'-ני-מען פאר'-סאן) א הילפס-פרעדיגער, א קוראט, איינער וואס פערנעהמט די שטע-לע פון א גלח.

jour'ney-weight *n.* (דזשויר'-ני-הוויט) די וואג פון פארטיגע מטבעות וואס ווערט פאר איין מאל איבערגעגעבען דעם אויפזעהער פון מינץ-הויז אין ענג-לאנד [15 פונט גאלד אדער 60 פונט זיל-בער].

jour'ney-work *n.* (דזשויר'-ני-הווירק) ארבייט וואס ווערט געמאכט פון א געדונגענעם פאכמאן.

joust *n. and v.* (דזשאסט) דאס פעכטען זיך מיט שפיזען אדער שווערדען [ווי

ביי די ריטער פון מיטעלאלטער]; פעכטען זיך מיט שפיזען אדער שווערדען, אנטייל נעהמען אין א טורניר.

jous'ter *n.* (דזשאס'-טער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א טורניר [א געפעכט מיט שפיזען].

Jove *n.* (דזשאוו) יופיטער [דער העכסטער גאט ביי די אלטע רוימער, דער גאט פון הימעל און פון דער ערד]; דער פלאנעט יופיטער.

Jo'vial *a.* (דזשאו'-ווי-על) וואס איז שייך צו יופיטער [דעם העכסטען גאט פון די אלטע רוימער]; ווי יופיטער; מעכטיג; מאיעסטעטיש; וואס איז שייך צו דעם פלאנעט יופיטער.

jo'vial *a.* (דזשאו'-ווי-על) פרעהליך, לעבעדיג, מונטער.

jovial'ity *n.* (דזשאו-ווי-על'-אי-טי) לעבעדיגקייט, לוסטיגקייט, פרעהליכקייט, מונטערקייט.

jo'vialize *v.* (דזשאו'-ווי-על-איז) מאכען פרעהליך, לעבעדיג.

jo'vially *adv.* (דזשאו'-ווי-על-אי) אויף א פרעהליכען, לוסטיגען שטייגער.

jo'vialness *n.* (דזשאו'-ווי-על-נעס) ז. *joviality*

jo'vialty *n.* (דזשאו'-ווי-על-טי) ז. *joviality*

jowl *n.* (דזשאול) א באק; א קינבאק; א קאפ פון א פיש, פון א חזיר א. ז. וו. [אלס געריכט].

jow'ler *n.* (דזשאו'-לער) א שטארקער יאגד=הונד מיט גרויסע שטארקע קינבאקען.

joy *n. and v.* (דזשאי) פרייד; יובעל; שמחה; צופרידענהייט, גליק; דערפרעהען; זיך פרעהען; ווינשען גליק, גראטולירען.

joy'ance *n.* (דזשאי'-ענס) פרעהליכקייט, א דערפרעהונג.

joy'-bells *n.* (דזשאי'-בעלז) דאס קלינגען פון גלאקען בעת א שמחה אדער יום=טוב.

joy'ful *a.* (דזשאי'-פול) פרעהליך; זעהר צופרידען; מלא שמחה; וואס בריינגט פרייד; וואס פערשאפט פערגניגען.

joy'fully *adv.* (דזשאי'-פול-אי) אויף א פרעהליכען אדער דערפרעהענדען שטייגער.

joy'fulness *n.* (דזשאי'-פול-נעס) פריידיגקייט, פרעהליכקייט; שטארקע צופרידענהייט.

joy'less *a.* (דזשאי'-לעס) אהן פרייד, טרויעריג; וואס פערשאפט ניט קיין נחת.

joy'lessly *adv.* (דזשאי'-לעס-לי) אהן פרייד, אהן נחת.

joy'lessness *n.* (דזשאי'-לעס-נעס) דאס זיין אהן פרייד.

joy'ous *a.* (דזשאי'-אס) ז. *joyful*

joy'ously *adv.* (דזשאי'-אס-לי) מיט פרייד, מיט שמחה.

joy'ousness *n.* (דזשאי'-אס-נעס) ז. *joyfulness*

joy'some *a.* (דזשאי'-סאם) דערפרעהענד; וואס בריינגט מיט זיך פרייד.

J. P. אן אבקירצונג פון די ווערטער *Justice of the Peace*

Jr. אבקירצונג פון *Junior*
John Smith Jr.

ju'bilance *n.* (דזשו'-בי-לענס) יובעל, העכסטע פרייד.

ju'bilant *a.* (דזשו'-בי-לענט) יובעלענד, מיט גרויס פרייד.
The speaker stroke a **jubilant** note in his address.

ju'bilantly *adv.* (דזשו'-בי-לענט-לי) אויף א יובעלענדען אופן; אין דער העכסטער פרייד.

ju'bilate *v.* (דזשו'-בי-לייט) יובעלען, טאנצען פון שמחה, זינגען פון פרייד.

Jubila'te *n.* (דזשו-בי-ליי'-טי) דאס הונדערטע קאפיטעל תהילים [מזמור לתודה]; די מוזיק צו דיעזען מזמור; דער דריטער זונטאג נאך דעם קריסטליכען פסח.

jubila'tion *n.* (דזשו-בי-ליי'-שאן) א טריאומף; א פריידענס=געשריי.

ju'bilee *n.* (דזשו'-בי-לי) א יובילעאום [א יום=טוב לכבוד א וויכטיגער בעגעבענהייט]; יובל, דאס פופציגסטע יאהר נאך א וועלכער עס איז פאסירונג.

J. U. D. אבקירצונג פון די ווערטער *Juris utriusque Doctor*, דאקטאר פון ביידע רעכטען [בירגערליכע און קאנאנישע רעכט], אלס א טיטול פון א געלעהרטען יוריסט.

Judæ'an *a. and n.* (דזשו-דיע'-ען) ז. *Judean*

Judæ'ophobe *n.* (דזשו-דיע'-א-פאוב) א יודאפאב, איינער וועלכער האסט אידען; אן אנטיסעמיט.

Judæopho'bia *n.* (דזשו-דיע-א-פאו'-בי-א) יודאפאביע, אידען=האס, אנטיסעמיטיזם.

Juda'ic *a.* (דזשו-דיי'-איק) אידיש, וואס איז שייך צו די אידען.

Juda'ical *a.* (דזשו-דיי'-אי-קעל) ז. *Judaic*

Juda'ically *adv.* (דזשו-דיי'-אי-קעל-אי) אויף א אידישען אופן.

Ju'daiser *n.* (דזשו'-דע-אי-זער) ז. *Judaizer*

Ju'daism *n.* (דזשו'-דע-איזם) יודאיזם [די לעהרע פון דער אידישער רעליגיאן]; אין אמאליגען ענגלאנד — ספעציעלע שטייערען ארויסגעדריקט פון אידען.

Ju'daist *n.* (דזשו'-דע-איסט) אן אנהענגער פון יודאאיזם. ז. *Judaism*

Judais'tic *a.* (דזשו-דע-איס'-טיק) יודאאיסטיש, וואס איז שייך צו יודאאיזם. ז. *Judaism*

Judais'tically *adv.* (דזשו-דע-איס'-טי-קעל-אי) בנוגע צום יודאאיזם.

Judaiza'tion *n.* (דזשו-דע-אי-זיי'-שאן) דאס יודאאיזירען, דאס פעראידישען.

Ju'daize *v.* (דזשו'-דע-איז) יודאאיזירען, פעראידישען; געהן נאך דער לעהרע פון דער אידישער רעליגיאן.

Ju'daizer *n.* (דזשו'-דע-אי-זער) איינער וואס פיהרט זיך אויף לויט די לעהרען פון דער אידישער רעליגיאן; א משומד וואס היט די אידישע צערעמאניען.

ju'das *n.* (דזשו'-דעס) א לעכעל אין א טהיר, דורך וועלכען מען קען ארויסקוקען אונבעמערקט; א קליינע עפנונג אין א טהיר פון א געפענגניס, דורך וועלכער מען שפירט נאך די ארעסטירטע.

Ju'das *n.* (דזשו'-דעס) א פעררעטער, איינער וואס פערראט דעם צווייטען, פערשטעלענדיג זיך אלס זיינער א פריינד.

Ju'das-col'ored *a.* (דזשו'-דעס-קאל'-ארד) מיט רויטע האר.

Ju'das-haired *a.* (דזשו'-דעס-העהרד) רויט=האריג.

ju'das-hole *n.* (דזשו'-דעס-האול) א לעכעל אין דער טהיר פון א געפענגניס, דורך וועלכען מען שפירט נאך די ארעסטירטע.

Ju'das-kiss *n.* (דזשו'-דעס-קיס) יודא'ס קוש, א ליעבליכער, שמייכלענדער פנים מיט א פיינדליכען פעררעטערישען הארץ.

Ju'das-tree *n.* (דזשו'-דעס-טריע) יודאס=בוים [א קליינער בוים, אויף וועלכען עס וואקסען סטרוטשקעס, מיט גרויסע בלעטער און העל=רויטע בליטהען. די לעגענדע דערצעהלט, אז יודא, וועלכער האט פערקויפט קריסטוס'ען, האט זיך אויפגעהאנגען אויף א בוים פון דיעזען מין].

jud'cock *n.* (דזשאד'-קאק) ז. *jack-snipe*

jud'dock *n.* (דזשאד'-אק) ז. *jack-snipe*

Judè'an *a. and n.* (דזשו-די'-ען) וואס איז שייך צו יודעא אדער ארץ=יהודה [דער דרום=טייל פון פאלעסטינא]; אן איינוואהנער פון יודעא, א יהודי, א איד.

Jude'o-Ger'man *a. and n.* (דזשו-די'-א-דזשויר'-מען) וואס איז שייך צו עברי=טייטש אדער זשארגאן; עברי=טייטש, די אידישע שפראך, זשארגאן.

judge *n. and v.* (דזשאדזש) א ריכטער; א שופט [אמאל ביי אידען]; א קענער, א מבין; ריכטען; משפט'ען; אורטיילען; דענקען; זאגען מבינות.

judge'-ad'vocate *n.* (דזשאדזש'-עד'-וואקייט) א בעאמטער אין מיליטערישען געריכט, וועלכער ערפילט די ראלע פון א געריכטס=פארשער און אויפזעהער אז אלץ זאל זיך פיהרען געזעצליך.

judge'ment *n.* (דזשאדזש'-מענט) ז. *judgment*

judg'er *n.* (דזשאדזש'-ער) דער ריכטער, דער בעאורטיילער.

Judg'es *n.* (דזשאדזש'-עז) ספר שופטים [פון תנ"ך].

judg'es' cham'bers (דזשאדזש'-עז טשיימ'-בערז) א בעזונדער צימער אין געריכטס=הויז, וואו דער ריכטער הערט אוים טענות, וועלכע זיינען ניט וויכטיג מען זאל זיי הערען אין געריכט גופא, אדער אזעלכע פראצעסען, וועלכע קענען ניט ווארטען ביז דאס געריכט וועט זיך אפיציעל צוזאמענקלייבען.

judge'ship *n.* (דזשאדזש'-שיפ) דאס ריכטער=אמט.

judgmat'ical *a.* (דזשאדזש-מעט'-אי-קעל) מיט מבינות, מיט א גוטען פערשטאנד.

judg'ment *n.* (דזשאדזש'-מענט) 1. אורטיילס=קראפט, פערשטאנד; דאס אורטיילען, דאס קומען צו א בעשטימטער מיינונג וועגען עפעס; 2. אן אורטייל; א משפט אדער ענטשיידונג פון א ריכטער; 3. דער דאקומענט אויף וועלכען דיעזע ענטשיידונג איז אנגעשריבען; 4. אן אבשאצונג, א מיינונג; מבינות; 5. דער יום=הדין, גאט'ס משפט, גאט'ס שטראף.
1. He showed good **judgment** in his purchases. 3. He won the case and secured a **judgment** against me. 4. According to my **judgment** you are wrong.

judg'ment-day *n.* (דזשאדזש'-מענט-דיי) דער טאג פון משפט, דער יום=הדין.

judg'ment-hall *n.* (דזשאדזש'-מענט-האהל) א געריכטס=שטוב, א געריכטס=זאל.

judg'ment of God (דזשאדזש'-מענט אוו גאד) א מיטעלאלטערליכע ארט משפט וועגען א פערברעכען, וועלכען מען האט ניט געקענט אויפדעקען [דעם בעשולדיגטען פלעגט מען צווינגען אריינלעגען די האנד אין זודיג וואסער אדער מען פלעגט

צו איהם צולעגען א גליהענדען אייזען, אונטער דער מיינונג, אז אויב ער איז אונשולדיג, וועט גאָט טהאָן א נס און עס וועט איהם ניט שאַדען].

judg'ment of the dead (דזשאַדזש'־מענט אָוו טהי דעד) דער יום־הדין.

judg'ment-seat *n.* (דזשאַדזש'־מענט־סיעט) א ריכטער־זיץ, א ריכטער־שטוהל; א געריכטס־הויף.

ju'dicable *a.* (דזשו'־די־קעבל) וואָס קען גע'משפט ווערען; וואָס איז אונטער־געוואָרפען דעם געריכט.

ju'dicative *a.* (דזשו'־די־קע־טיוו) אורטיילס־פעהיג; וואָס קען ארויסטראַגען א בעשטימטען אורטייל אָדער מיינונג.

ju'dicative fac'ulty (דזשו'־די־קע־טיוו פעק'־אַל־טי) די אורטיילס־קראַפט.

ju'dicatory *n. and a.* (דזשו'־די־קע־טאָ־רי) א געריכט, א געריכטס־הויף; וואָס איז שייך צו א געריכט, געריכטליך.

ju'dicature *n.* (דזשו'־די־קע־טשור) געריכטליכע מאַכט; א געריכט, א געריכטס־הויף.

judi'cial *a.* (דזשו־דיש'־על) וואָס איז שייך צו א ריכטער; ווי א ריכטער; קריטיש; אורטיילענד, אונטערשיידענד; אונפּאַרטייאיש; וואָס איז שייך צו א געריכטס־הויז אָדער געריכטס־פיהרונג; אורטיילענד; ענטשיידענד; בעשטראָפענד.

judi'cial act (דזשו־דיש'־על עקט) א געריכטליכער אַקט [אַן אָפּיציעלער פּאַפּיער, וואָס בעשטעטיגט איינעמס רעכט אָדער פפליכט צו עפּעס].

judi'cial discre'tion (דזשו־דיש'־על דיס־קרעש'־אַן) דאָס רעכט פון א ריכטער צו בעשטימען אין געוויסע פעלע א זאַך, פערלאַזענדיג זיך אויף'ן איינענעם פערשטאַנד און געוויסען [דאָרט, וואו דאָס געזעץ אָדער דער מנהג בעשטימט ניט אויף קלאָר די זאַך].

judi'cially *adv.* (דשו־דיש'־על־אי) אויף א געריכטליכען שטייגער; לויט'ן געריכט; מעשה ריכטער, אונפּאַרטייאיש; דורך פעראורטיילען אָדער בעשטראָפען.

judi'cial mur'der (דזשו־דיש'־על מויר'־דער) יוסטיץ־מאָרד [דאָס טויטען א מענשען לויט'ן פּסק־דין פון געריכט, ווען אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען אונשולדיג].

judi'cial no'tice (דזשו־דיש'־על נאָו'־טיס) דאָס אַנערקענען פון געריכט אַז אַלגעמיין בעקאַנטען פאַקט, ניט פאָדערענדיג קיינע בעווייזע דערצו.

judi'cial oath (דזשו־דיש'־על אוטה) א שבועה וואָס ווערט געגעבען ביי א געריכטליכען פּראָצעס.

judi'cial pow'er (דזשו־דיש'־על פּאַו'־ער) די ריכטערליכע מאַכט; די מאַכט צו אורטיילען וועגען געוויסע רעכטען פון א פערזאָן אָדער איינענטום.

judi'cial procee'dings (דזשו־דיש'־על פּראָ־סיע'־דינגז) געריכטס־פערהאַנדלונגען.

judi'cial sale (דזשו־דיש'־על סייל) דער פערקויף פון פערמעגען לויט'ן פּסק־דין פון געריכט.

judi'cial separa'tion (דזשו־דיש'־על סעפּ־ע־ריי'־שאַן) א האַלבער גט [ווען דאָס געריכט פּסק'ענט, אַז מאַן און ווייב זאָלען ניט וואָהנען צוזאַמען אָבער אויך ניט גט'ן זיך].

judi'ciary *a. and n.* (דזשו־דיש'־אי־ע־רי) געריכטליך, ריכטערליך, וואָס קומט פון געריכט; ריכטערשאַפט; די סיסטעם פון געריכטס־פיהרונג אין א געוויסען אָרט.

judi'cious *a.* (דזשו־דיש'־אַס) מיט א גוטען פערשטאַנד; פערשטענדיג, קלוג; גוט בעטראַכט.

judi'ciously *adv.* (דזשו־דיש'־אַס־לי) אויף א קלוגען, פערשטענדיגען אָדער גוט בעטראַכטען אופן.

judi'ciousness *n.* (דזשו־דיש'־אַס־נעס) פערשטענדיגקייט, קלוגקייט.

Ju'dy *n.* (דזשו'־די) [א יהודית פרויען־נאָמען]; א כינעזישע קורטיזאַנקע אָדער פּראָסטיטוטקע.

jug *n. and v.* (דזשאַג) א קרוג; א געפענגניס; דער קלאַנג וואָס ווערט ארויס־געלאָזען פון האַלז נאַכצואָהמען דעם נאַכטיגאַל אָדער סאָלאָוויי; אריינלעגען אָדער האַלטען אין א קרוג; אריינזעצען אין טורמע; אויפהאַלטען זיך אין איין נעסט [ווי די קוראַפּאַטקעס]; וואָהנען צוזאַמען; ארויסלאָזען פון האַלז א קלאַנג עהנליך צו דיזען וואָרט, נאַכצואָהמען דעם נאַכטיגאַל.

ju'gal *n. and a.* (דזשו'־גאַל) דער יאַך־ביין, דער הויפּט־באַקען־ביין; וואָס איז שייך צום יאַך־ביין.

ju'gate *a.* (דזשו'־גייט) אין באָטאַניק — וואָס האָט די בלעטלעך בעהעפּט פּאַרווייז.

ju'gated *a.* (דזשו'־גיי־טעד) ז. *jugate*

Jug'gernaut *n.* (דזשאַג'־ער־נאָהט) אדון עולם, דער האַר פון דער וועלט [איינער פון די נעמען פון דעם גאָט קרישנא אָדער ווישנו אין אָסט־אינדיען]; א שטאַרקע איבערגעבענהייט צו אַן אידעע, מנהג אָדער מאָדע, וואָס מאַכט דעם מענשען פערגעסען אויף זיך אַליין.

jug'gle *v. and n.* (דזשאַגל) מאַכען קונצען; בעטריגען; גנב'ענען; א פּאָקוס, א קונץ; בעטרוג.

jug'gler *n.* (דזשאַג'־לער) א מאַשען־שפּיעלער, א קונצען־מאַכער, א פּאָקוסניק; א בעטריגער.

jug'glery *n.* (דזשאַג'־לער־אי) מאַשען־שפּיעלער־קונסט, פּאָקוס, קונצען־מאַכעריי; בעטריגעריי.

jug'gling *a.* (דזשאַג'־לינג) בעטריגליך, טוישענד.

jug'glingly *adv.* (דזשאַג'־לינג־לי) מיט בעטרוג.

jug'let *n.* (דזשאַג'־לעט) א קליין קריגעל.

ju'gular *a. and n.* (דזשו'־גיו־לאַר) וואָס געהערט צום האַלז; א האַלז־אָדער.

ju'gular vein (דזשו'־גיו־לאַר וויין) איינער פון די גרויסע בלוט־אָדערען פון האַלז.
ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

ju'gulate *v.* (דזשו'־גיו־לייט) איבערשניידען דעם האַלז; אבהאַקען דעם קאָפּ.

jugula'tion *n.* (דזשו־גיו־ליי'־שאַן) דאָס קעפּען [דאָס אבהאַקען דעם קאָפּ]; דאָס אַהבאַקען שנעל א קראַנקהייט דורך א געוויסען הייל־מיטעל.

ju'gulator *n.* (דזשו'־גיו־ליי־טאָר) א האַלז־שניידער, א מערדער.

juice *n.* (דזשוהס) זאַפט, סאָק.

juice'ful *a.* (דזשוהס'־פול) פול מיט זאַפט.

juice'less *a.* (דזשוהס'־לעס) אָהן זאַפט, טרוקען.

jui'ciness *n.* (דזשוה'־סי־נעס) זאַפטיגקייט, דאָס ענטהאַלטען אין זיך זאַפט.

jui'cy *a.* (דזשוה'־סי) זאַפטיג, פייכט.

ju'jube *n.* (דזשו'־דזשוב) די ברוסט־יאַגדע [די פרוכט פון א מין שטעכיגע ביימלעך און קוסטעס, וואָס וואַקסען אין די הייסע לענדער פון אַזיען און אַמעריקא]; די ברוסט־יאַגדע פלאַנצע; אַן איינגעמאַכטס פון צוקער מיט גומעראַביקע אָדער זשעלאַטין.

ju'jube paste (דזשו'־דזשוב פּייסט) אַן איינגעמאַכטס פון ברוסט־יאַגדעס. ז. *jujube*

juke *v.* (דזשוהק) זיך פערנייגען.

ju'lep *n.* (דזשו'־לעפּ) א זיסער געטראַנק.

Ju'lian account' (דזשו'־ליען ע־קאַונט') די יוליאַנישע צייט־רעכנונג. ז. *Julian calendar*

kill time (קיל טאים) פטר'ען צייט אומזיסט.

kiln *n.* and *v.* (קיל) אן אויווען אין א ציגעלניע צו טריקענען אדער ברענען ציעגעל; א קאלך=אויווען; ברענען אין א קאלך=אויווען.

kiln'-dried *a.* (קיל'־דראיד) געטרי=קענט אדער געברענט אין א קאלך=אויווען.

kiln'-hole *n.* (קיל'־האול) די עפנונג פון קאלך=אויווען, וואו מען ברענט איבער ציעגעל.

kil'o *n.* (קיל'־או) א קילאגראם. ז. *kilogram*

kil'odyne *n.* (קיל'־א־דאין) טויזענד דינען [א מאס=איינהייט צו מעסטען קראפט]. ז. *dyne*

kil'ogram *n.* (קיל'־א־גרעם) א קילא=גראם, א געוויכט=מאס פון טויזענד גראם [ענטהאלט אונגעפעהר $2\frac{1}{5}$ אמעריקאני=שע פונט].

kil'ogramme *n.* (קיל'־א־גרעם) ז. *kilogram*

kil'oliter *n.* (קיל'־א־לי־טער) א קילא=ליטער [א פליסיגקייטס=מאס וואס ענט=האלט טויזענד ליטער].

kil'olitre *n.* (קיל'־א־לי־טער) ז. *kiloliter*

kil'ometer *n.* (קיל'־א־מי־טער) א קילא=מעטער, א לענג=מאס וואס ענטהאלט 1000 מעטער [$\frac{5}{8}$ מייל].

kil'ometre *n.* (קיל'־א־מי־טער) ז. *kilometer*

kilt *n.* (קילט) א קילט [אזא קורץ קליי=דעל, וואס ווערט געטראגען אין שאט=לאנד].

kil'ted *a.* (קיל'־טעד) וואס טראגט א קילט. ז. *kilt*

kil'ter *n.* (קיל'־טער) ארדנונג, צופאסונג.

kimo'no *n.* (קי־מאו'־נאו) א קימאנא, א מין יאפאנישער פרויען=כאלאט.

Kim'ri *n.* (קים'־רי) ז. *Cymry*

kin *n.* and *a.* (קין) א ראסע, א פאמי=ליע, א מין, א גאטונג; פערזאנען פון דערזעלביגער ראסע אדער פאמיליע; קרובה'שאפט, בלוט=פערוואנדטשאפט; פון אייגען=בלוט; נאהענט; פערוואנדט; מיט דערזעלביגער אייגענשאפט ווי אן אנדע=רער; פון דעמזעלבען סארט; א כינעזי=שע און יאפאנעזישע געוויכטס=מאס וואס ענטהאלט אונגעפעהר $1\frac{1}{3}$ פונט; א כי=נעזישער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט זיידענע סטרונעס.

kin'chin *n.* (קינ'־טשין) א קינד [אויף גנבים=לשון].

kin'chin lay (קינ'־טשין ליי) דאס רויבען קינדער; א קנאפע בעדייטונג [פון א גנב צווישען פראפעסיאנעלע גנבים].

kind *n.* and *a.* (קאינד) א סארט, א מין פון א גאטונג; אן ארט אדער מעטאדע פון א געוויסער טהעטיגקייט אדער אויפפיהרונג; פריינדליך; גוטהערציג; צערטליך; ליעב=ליך; מילד; דיענליך.

kin'dergarten *n.* (קינ'־דער־גארטען) א קינדער=גארטען [א שוהל פאר קליינע קינדער].

kin'dergartner *n.* (קינ'־דער־גארט־נער) א לעהרער אין א קינדער=גארטען.

kind'-heart'ed *a.* (קאינד'־הארט'־עד) ליעבליך, מילד, גוטהערציג.

kind'-heart'edness *n.* (קאינד'־הארט'־עד־נעס) ליעבליכקייט, מילדקייט, גוט=הערציגקייט.

kin'dle *v.* (קינדל) צינדען, אנצינדען; ענטצינדען; אויפהעצען; אילומינירען, בעלייכטען; זיך אנצינדען; פאנאנדער=גליהען; זיך אויפהיצען.

kind'ler *n.* (קינד'־לער) א צינדער, אן ענטצינדער.

kind'liness *n.* (קאינד'־לי־נעס) גוטיג=קייט, פריינדליכקייט, ליעבליכקייט, מילד=קייט.

kind'ly *a.* and *adv.* (קאינד'־לי) פריינד=ליך, מילד, גוטמוטיג, גוטהערציג; סימ=פאטיש; אנגענעהם, ליעבליך; אויף א צו=געפאסטען אופן; דורך עהנליכקייט איינע צו די אנדערע; אויף א ליעבליכען, פריינד=ליכען שטייגער; מיט מילדקייט אדער צערטליכקייט; אויף א גינסטיגען אופן.

kind'ness *n.* (קאינד'־נעס) מילדקייט, ליעבליכקייט; גיטיגקייט, פריינדליכקייט.

kin'dred *n.* and *a.* (קינ'־דרעד) קרובה'שאפט, פערוואנדטשאפט; נאהענט=קייט; בלוט=אייגענע, פערוואנדטע; נאהענט; צוגעפאסט; עהנליך.

kin'dred like'ness (קינ'־דרעד לאיק'־נעס) א פאמיליען=עהנליכקייט.

kin'dreds *n.* (קינ'־דרעדז) קרובים; פערוואנדטע; א משפחה, א שבט.

kind'-spo'ken *a.* (קאינד'־ספאו'קען) וואס איז אויסגעשפראכען אויף א מילדען, פריינדליכען שטייגער; מיט א פריינד=ליכער רעדעס=ארט.

His **kind-spoken** manner will win him many friends.

kind'-tem'pered *a.* (קאינד'־טעמ'־פערד) גוטמוטיג; מילד.

kinemat'ic *a.* (קינ־אי־מעט'־איק) קי=נעמאטיש; וואס איז שייך צו קינעמא=טיק. ז. *kinematics*

kinemat'ics *n.* (קינ־אי־מעט'־איקס) קינעמאטיק [דער טייל פון טעארעטישער מעכאניק, וואס פערנעהמט זיך מיט די בעוועגונגען פון קערפערס אונאבהענגיג פון די קרעפטען, וועלכע רופען ארויס דיעזע בעוועגונגען].

kinemat'ograph *n.* (קינ-אי-מעט'-א-גרעף) א קינעמאטאגראף אדער סינעמא=טאגראף [אן אפאראט, וועלכער ווארפט אב אויף א לייווענד א רייה פאטאגראפי=שע בילדער פון פערזאנען און זאכען. די בילדער בייטען זיך אונגעהויער שנעל איי=נע נאך די אנדערע און דורך דעם בעקומט זיך אן איינדרוק, אז די פערזאנען און זאכען בעוועגען זיך אויף'ן לייווענד. שרייבט זיך אויך *cinematograph*].

kinesiat'ric *a.* (קי-ני-סי-עט'-ריק) וואס געהערט צו דער בעוועגונג פון די מוסקעלען [אלס א רפואה צו געוויסע קראנקהייטען].

kinesiat'rics *n.* (קי-ני-סי-עט'-ריקס) די בעוועגונג פון די מוסקעלען [ווי ביי גימנאסטיק אדער פערשיעדענע ארטען פון ספארט].

kinesip'athist *n.* (קינ-אי-סיפ'-ע-טהיסט) איינער וואס היילט א קראנקהייט דורך גימנאסטיק.

kinesip'athy *n.* (קינ-אי-סיפ'-ע-טהי) דאס היילען א קראנקהייט דורך גימנאס=טיק.

kinesither'apy *n.* (קי-ני-סי-טהער'-ע-פי) דאס היילען א קראנקהייט דורך גימ=נאסטיק אדער אנדערע בעוועגונגען פון קערפער.

kinet'ic *a.* (קי-נעט'-איק) וואס רופט ארויס בעוועגונג; בעוועגענד; טהעטיג; וואס איז שייך צו קינעטיק. ז. *kinetics*.

kinet'ical *a.* (קי-נעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו קינעטיק. ז. *kinetics*.

kinet'ically *adv.* (קי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א קינעטישען שטייגער. ז. *kinetics*.

kinet'ics *n.* (קי-נעט'-איקס) קינעטיק אדער דינאמיק [דער טייל פון טעארע=טישער מעכאניק, וועלכער פערנעהמט זיך מיט די בעוועגונגען פון קערפערס אין שייכות צו די קרעפטען, וועלכע האבען דיעזע בעוועגונגען ארויסגערופען].

kinetogenet'ic *a.* (קי-ני-טא-דזשי-נעט'-איק) וואס ענטוויקעלט אדער ברייגנט ארויס א בעוועגונג.

kine'togram *n.* (קי-ני'-טא-גרעם) דאס בילד וואס ווערט אבגעווארפען אויף א לייוועגד דורך א קינעמאטאגראף. ז. *kinematograph*.

kine'tograph *n.* (קי-ני'-טא-גרעף) א קינעטאגראף, אן אפאראט אראבצונעהמען א רייה פאטאגראפישע בילדער פון א זאך וואס בעוועגט זיך און די בילדער אבצו=ווארפען אויף א לייוועגד.

kinetog'rapher *n.* (קינ-אי-טאג'-רע-פער) איינער וועלכער נעהמט אראב א רייה פאטאגראפישע בילדער מיט א קי=נעטאגראף. ז. *kinetograph*.

kinetograph'ic *a.* (קי-ני-טא-גרעפ'-איק) קינעטאגראפיש; וואס איז שייך צו א קינעטאגראף. ז. *kinetograph*.

kinetog'raphy *n.* (קינ-אי-טאג'-רע-פי) קינעטאגראפיע, דאס אראבנעהמען א רייה פאטאגראפישע בילדער פון א זאך וואס בעוועגט זיך.

kine'tophone *n.* (קי-ני'-טא-פאון) א קינעטאפאן. ז. *kinetophonograph*.

kinetopho'nograph *n.* (קי-ני-טא-פאו'-נא-גרעף) א קאמבינאציאן פון פא=נאגראף מיט'ן קינעמאטאגראף [אויף דער לייוועגד בעוועגען זיך פאטאגראפי=שע בילדער פון פערזאנען און זאכען און אין דערזעלבער צייט הערט מען דאס רע=דען און זינגען פון דיעזע פערזאנען].

kine'toscope *n.* (קי-ני'-טא-סקאופ) אן אפאראט, דורך וועלכען די רייה בילדער וואס ווערען אראבגענומען דורך א קי=נעטאגראף, ווערען אבגעווארפען אויף א לייוועגד שנעל איינע נאך די אנדערע, אזוי דאס עס קומט אויס, אז דאס בילד פון פערזאן אדער פון דער זאך אויף דער לייוועגד איז אין שטענדיגער בעוועגונג.

king *n. and v.* (קינג) א קעניג; דער הויפט=רעגיערער; איינער וואס איז דער העכסטער אין זיין גראד; איינער פון די פיער מלכים אין קארטען; די הויפט=פיגור אין שאך=שפיעל; דער נאמען פון די הייליגע שריפטען אין כינא, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגע=בען פון קאנפוציוס; א מין כינעזישער מוזיקאלישער אינסטרומענט פון 16 מע=טאלענע פלאטען, אויף וועלכע מען קלאפט מיט א העמערעל; געבען א קעניג; זאל=בען אויף דעם כסא המלוכה.

king'-ap'ple *n.* (קינג'-עפ'ל) א מין גרויסער רויטער, זאפטיגער עפעל.

king'-at-arms' *n.* (קינג'-עט-ארמז') דער העראלד=מייסטער, איינער פון די אמאליגע העכסטע רעגיערונגס=בעאמטע, וועלכער האט געהאט אונטער זיין אויפ=זיכט פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען בנוגע צו טיטולען, הערבען, עהרען=נעמען א. ד. ג.

king'-bird *n.* (קינג'-בוירד) א מין פליגען=פויגעל [א זינג=פויגעלע מיט א ברייטען עטוואס אויסגעבויגענעם שנא=בעל, מיט וועלכען עס כאפט פליגען בעת'ן פליהען].

King-bird

king'-bolt *n.* (קינג'-באולט) א שווארען [א הילצערנער אדער אייזערנער שטע=קעל, וועלכער איז דורכגעלאזען דורך דעם פאדערשטען טייל פון א וואגען און דורך דער פאדערשטער אקס].

king'-crab *n.* (קינג'-קרעב) דער מאלוס=קען=קרעבס [א מין ברייטער און פלא=כער ים=פיש מיט א האלב=רונדען קאפ און קערפער, וואס איז עהנליך צו א פאדקאווע און מיט א לאנגען שפיציגען עק].

King-crab

king'craft *n.* (קינג'-קרעפט) די בעשעפ=טיגונג פון קעניגע; די קונסט צו רעגיע=רען ווי א קעניג.

king'cup *n.* (קינג'-קאפ) דער גאלד=קנאפ [א מין ביטער און גיפטיג גראז מיט האלב=צושפאלטע=נע בלעטער און געלבע בליטהען].

king'dom *n.* (קינג'-דאם) א קעניגטום; א קעניגרייך; א רייך, א מלוכה.

king'dom come (קינג'-דאם קאם) יענע וועלט.

king'domed *a.* (קינג'-דאמד) וואס בע=זיצט קעניגליכע מאכט אדער קעניגליכע אייגענשאפטען.

king'dom of heav'en (קינג'-דאם אוו העוו'ן) די הימעל=מלוכה, מלכותא דרקיע.

king'fish *n.* (קינג'-פיש) א מין לאקס [איינע פון עטליכע מינים גרויסע און עסבארע ים=פישען, ווי שטאקפיש, לאבאר=דאן, מערלאן א. ד. ג.].



Kingfish

king'fish'er *n.* (קינג'-פיש'-ער) דער אייז=פויגעל [א פארביגער פויגעל מיט א לאנגען און שארפען שנאבעל, מיט א די=קען קאפ און קורצען עק].

Kingfisher

king'hood *n.* (קינג'-הוד) קעניגטום, קע=ניגליכקייט, קעניגליכע ווירדע.

King James Bi'ble (קינג דזשיימס באי'בל) די איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש וואס איז געמאכט געווארען אין דער צייט פון ענגלישען קעניג דזשיימס דעם ערשטען אין אנהויב פון 17טען יאהר=הונדערט.

king'-kill'er *n.* (קינג'-קיל'-ער) א קעניגס=מערדער, איינער וואס הרג'עט א קעניג.

king'less *a.* (קינג'-לעס) אהן א קעניג; וואס האט ניט קיין קעניג.

king'let *n.* (קינג'-לעט) א קליינער אדער שוואכער קעניג; דאס קעניגעל אדער צוין=קעניג [א קליין העל=געלב זינג=פוי=געלע. ז. *wren*].

king'lihood *n.* (קינג'-לי-הוד) קעניג=ליכקייט, קעניגליכע ווירדע.

king'like *a.* (קינג'-לאיק) קעניגליך; ווי א קעניג.

king'liness *n.* (קינג'-לי-נעס) קעניג=ליכקייט; די אייגענשאפטען אדער מא=ניערען פון א קעניג.

king'ling *n.* (קינג'-לינג) א קעניגעל.

king'ly *a. and adv.* (קינג'-לי) וואס איז שייך צו א קעניג; קעניגליך; ווי א קעניג; מעשה קעניג.

king mob (קינג מאב) זיין מאיעסטעט דער פעבעל.

king'-piece *n.* (קינג'-פיעס) ז. ***king-post***

king'-pin *n.* (קינג'-פין) אין קעגעלשפיעל — איינער פון די ניין אדער צעהן קעגלען, וועלכער שטעהט אין פארענט אדער אין צענטער פון דער ראהם; די הויפט פערזאן אין א געזעלשאפט אדער אונטערנעהמונג; דער שווארען פון א וואגען [ז. ***king-bolt***].

king'-pine *n.* (קינג'-פאין) די אנאנאסען=פלאנצע [ז. ***pineapple***]; א מין אינדישער טאנענבוים.

king'-post *n.* (קינג'-פאוסט) דער מיטעלסטער שטיין=באלקען פון א דאך [דער באלקען, וועלכער שטעהט ווערטיקאל אין צענטער פון קוועער=באלקען און האלט דעם שפיץ פון דאך].

king'-rail *n.* (קינג'-רייל) דער נארד=אמעריקאנישער קאראסטעל [א גרויסער פויגעל מיט רויטע ברוסט=פעדערן, מיט לאנגע פאדערשטע און זעהר א קורצען הינטערשטען פינגער. האלט זיך אויף ארום בלאטעס און לוזשעס].
ז. איל. ***"Game Birds"***

Kings *n.* (קינגז) ספר מלכים [פון תנ"ך].

king's coun'sel (קינגז קאונ'-סעל) אין ענגלאנד — אן אדוואקאט וואס איז בעשטימט פון לארד=קאנצלער אלס רעגיערונגס=ראטה [אזא אדוואקאט בעקומט ניט קיין בעזונדערען געהאלט, נאר דאס איז אן עהרען=אמט און ער צייכענט זיך אוים דערמיט, וואס זיין אדוואקאטען=מאנטעל איז א זיידענער].

king's Eng'lish (קינגז אינג'-ליש) א שעהנע און ריכטיגע ענגלישע שפראך.

king's e'vil (קינגז אי'וול) שקראפעל אדער זאלאטוכע, א מין מיקראבען=קראנקהייט, ביי וועלכער עס בילדען זיך אוים אייגענארטיגע מיקראבען=נעסטען אין די ביינער, צווישען די געלענקען און אונטער דער הויט [וועגען דיזער קראנקהייט האט מען אמאל געמיינט, ווען א קעניג ריהרט זיך צו צום חולה, ווערט ער געזונד].

king's'-fish'er *n.* (קינגז'-פיש'-ער) ז. ***kingfisher***

king'ship *n.* (קינג'-שיפ) קעניגטום; קעניגסווירדע; קעניגליכקייט.

king's jest'er (קינגז דזשעסט'-ער) דער הויף=נאר.

king's pic'tures (קינגז פיק'-טשורז) קלינגערס, מטבעות.

king's'-spear *n.* (קינגז'-ספיער) די גאלדוואורץ [אזא בלום].

king's stores (קינגז סטאורז) די פראוויאנט=מאגאזינען פאר די קריעגס=שיפען.

king's yel'low (קינגז יעל'-או) געלבער ארזעניק אדער מישיאק [א מין גיפטיגער פולווער וואס ווערט צייטענווייז בענוצט פון מאלער צו מאכען געלבע פארב].

king'-ty'rant *n.* (קינג'-טאי'-רענט) ז. ***king-bird***

king'-vul'ture *n.* (קינג'-וואל'-טשור) א מין אמעריקאנער שפארבער אדער יאסטרעב.

kink *n. and v.* (קינק) א פלאנטער אדער א קניפעל אין א שטריק אדער פאדים; א משוגענער איינפאל, א טירוף, א קאפריז; דאס פערקייכען זיך פון הוסט אדער געלעכטער; פערפלאנטערען אדער פערקניפלען א שטריק אדער פאדים.

kin'kajou *n.* (קינ'-קע-דזשוה) א מין דרום=אמעריקאנישע ווילדע קאץ פון דעם מין לעמורען אדער האלב=אפען. ערנעהרט זיך מיט פרוכטען, אינזעקטען און פויגלען און קען לייכט ווערען א הויז=טהיער.

Kinkajou

kin'kle *v.* (קינקל) פערפלאנטערן אדער פערקניפלען א שטריק אדער פאדים.

kin'kled *a.* (קינ'קלד) וואס איז פערפלאנטערט אדער געקניפעלט [וועגען א שטריק אדער פאדים].

kin'ky *a.* (קינ'-קי) פערפלאנטערט, פערקניפעלט; וואס פערדרעהט זיך אדער צופלאנטערט זיך; עקסצענטריש, קאפריזנע.

kinnikinic' *n.* (קינ-אי-קי-ניק') די בלעטער אדער די קארע פון געוויסע פלאנצען, וועלכע די אינדיאנער ברויכען צום רויכערען ווי טאבאק.

kinnikinick' *n.* (קינ-אי-קי-ניק') ז. ***kinnikinic***

ki'no *n.* (קי'-נאו) א מין גומי אדער דורכזיכטיגער פעכיגער זאפט פון געוויסע בוימער אין די הייסע לענדער. ווערט בענוצט אין מעדיצין.

kins'folk *n.* (קינז'-פאוק) פערוואנדטע, קרובים.

kin'ship *n.* (קינ'-שיפ) קרובה'שאפט; פערוואנדטשאפט.

kins'man *n.* (קינז'-מען) א קרוב, א פערוואנדטער.

kins'woman *n.* (קינז'-הוואומ-ען) א קרובה, א פערוואנדטע.

kiosk' *n.* (קי-אסק') א קיאסק, אביידעל; א גארטען=הויז; אין פראנקרייך — א ביידעל אדער טישעל וואו מען פערקויפט צייטונגען.

ki'ote *n.* (קאי'-אוט) ז. ***coyote***

kip *n.* (קיפ) א ניט=בעארבייטע פעל פון קליינע חיות [ווי א קאלב, שאף א. ז. וו.]; א פרעהליך הייזעל.

kip'-leath'er *n.* (קיפ'-לעטה'-ער) ז. ***kipskin***

kip'per *n. and v.* (קיפ'-ער) א לאקס אין דער צייט ווען ער רייניגט זיך [ווארפט אב די איקרע]; געטריקענטער און געזאלצענער לאקס; רייניגען, טריקענען און זאלצען פיש.

kip'skin *n.** (קיפ'-סקין) לעדער פון די פעל פון יונגע בהמות. ז. ***kip***

kirk *n.* (קוירק) א קירך [אין שאטלאנד].

kirk'garth *n.* (קוירק'-גארטה) דער בית=הקברות ארום א קירך.

kirk ses'sion (קוירק סעש'-אן) א פערזאמלונג פון גלחים און קירכען=גבאים.

kirk'town *n.* (קוירק'-טאון) א דארף וואס האט א קירך.

kir'tle *n.* (קויר'טל) א מאנטעל; אן אונטער=רעקעל; א מאנאכען=קלייד; א מאס פלאקס [אונגעפעהר 100 פונט].

kish *n.* (קיש) אייזען=שוים [דער גראפיט וואס טיילט זיך אוים ביים שמעלצען אייזען]; א גרויסער קארב [אין אירלאנד].

kis'met *n.* (קיס'-מעט) דער שיקזאל, דער גורל, דער מזל.

kiss *n. and v.* (קיס) א קוש; א צוקערקע פון אן איי=ווייסעל מיט צוקער געבאקען אין אן אויוועז; קושען; צערטליך אנריהרען.

kiss'able *a.** (קיס'-עבל) וואס איז ווערטה צו קושען.

kis'sar *n.* (קיס'-אר) א לירע מיט פינף סטרונעס וואס ווערט געברויכט אין צפון=אפריקא און אביסיניען.

kiss away' (קיס ע-הוויי') פערנאכלעסיגען אדער פערלירען עפעס דורך ליעבע.

kiss'er *n.* (קיס'-ער) א קושער.

kiss'es *n.* (קיס'-עז) ז. ***kiss-me***

kiss'ing-and-hiss'ing *n.* (קיס'-אינג-ענד-היס'-אינג) א געוויסע שפיעל מיט קושען.

kiss'ing-bug *n.* (קיס'-אינג-באג) א קליין זשוקעל מיט א לאנגען און שארפען שטאכעל; איינער וואס האט ליעב זיך צו קושען.

kiss'ing-com'fit *n.* (קיס'-אינג-קאמ'-פיט) אזא שמעקעדיגע צוקערקע.

kiss'ing-crust *n.* (קיס'-אינג-קראסט) זליפעץ [דאס שטיקעל סקארינקע פון א לאבען ברוים וואס קומט צוגעקלעפט צו אן אנדער לאבען].

kiss in the ring (קיס אין טהי רינג) א געוויסע שפיעל [ווי "קאץ און מויז"].

kiss'-me *n.* (קיס'-מי) א מין וויאלעט=בלום.

kiss of peace (קיס אוו פיעס) ביי די פארצייטיגע קריסטען — א קוש וואס איינער פלעגט געבען דעם צווייטען אלס בעגריסונג אדער אלס צייכען פון קריסטליכער ליעבע און אויך ביי פערשיעדענע צערעמאניעס.

kiss the book (קיס טהי בוק) געבען א שבועה.

kiss the dust (קיס טהי דאסט) פאלען צו דער ערד; געטויטעט ווערען.

kiss the post (קיס טהי פאוסט) זיין אויסגעשלאסען; קומען צו שפעט צו עפעס.

kiss the rod (קיס טהי ראד) קושען די רוט; מקבל באהבה זיין די יסורים.

kit *n.* (קיט) א קעסטעל צו האלטען פערשיעדענע זאכען, ווי די געצייג פון א בעל=מלאכה א. ד. ג.; א קארב; א פלאש; א פאמיליע, א כנופיה; א קעצעלע; א קליין פיעדעלע מיט דריי סטרונעס; א מין צעמענט; אן אויסשטאטונג, אלע נויטווענדיגע זאכען פאר א געוויסער בעשעפטיגונג.

kitch'en *n.* (קיטש'-ען) א קיך.

kitch'en-boy *n.* (קיטש'-ען-באי) א קיך=יונג, א משרת אין קיך.

kitch'en cab'inet (קיטש'-ען קעב'-אי-נעט) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א גרופע אינטימע פריינד פון פרעזידענט דזשעקסאן [1829—37 יאהר], מיט וועלכע ער פלעגט זיך מעהר בעראטהען וועגען פערשיעדענע מלוכה=ענינים איידער מיט זיינע מיניסטארען.

kitch'ener *n.* (קיטש'-ען-ער) א קוכער;

א משרת אין א קיך; אזא ספּעציעלער אויווען צום קאָכען.

kitch'en-fare *n.* (קיטש׳-ען-פעהר) דיענער־שפּייז, דאָס עסען וואָס די דיענער בעקומען אין קיך.

kitch'en-gar'den *n.* (קיטש׳-ען-גאַר׳דן) א גאָרטען פון קיכען־גרינס.

kitch'en-maid *n.* (קיטש׳-ען-מייד) א קיך־מיידעל, א קיך־דיענסט.

kitch'en-phys'ic *n.* (קיטש׳-ען-פיז׳-איק) גוטע קעסט, געשמאַקע מאכלים; שפּייז פאַר א קראַנקען.

kitch'en-salt *n.* (קיטש׳-ען-סאָהלט) קאָך־זאַלץ.

kitch'en-stove *n.* (קיטש׳-ען-סטאָווו) א קיך־אויווען.

kitch'en-stuff *n.* (קיטש׳-ען-סטאַף) זאַכען אָדער מאַטעריאַלען וואָס ווערען בענוצט צום קאָכען, בעזונדערס פערשיעדענע גרינסען; בראָטען־פעטס; די פּסלת פון קאָך־מאַטעריאַלען.

kitch'en-ta'ble *n.* (קיטש׳-ען-טייבל) א קיך־טיש.

kitch'en-wench *n.* (קיטש׳-ען-הווענטש) ז. *kitchen-maid*

kite *n.* *and* *v.* (קאַיט) א מין שפּאַרבער, א קאַרשון [אַזאַ רויב־פויגעל]; א פּאַפּיערענער דראַכען אָדער פליהענדע שלאַנג; איינער פון די העכסטע און קלענסטע זעגלען אויף א זעגעל־שיף; א פיקטיווער וועקסעל; א ווערטהלאָזער טשעק; פליהען שנעל ווי א קאַרשון; אַרויסלאָזען פיקטיווע וועקסלען; בעקומען געלד דורך פיקטיווע וועקסלען אָדער ווערטהלאָזע טשעקס.

Kite

kite'-fli'er *n.* (קאַיט׳-פלאַי׳-ער) איינער וואָס לאָזט פליהען א פּאַפּיערענע שלאַנג; איינער וואָס בעקומט געלד דורך אַרויסלאָזען פיקטיווע וועקסלען אָדער ווערטהלאָזע טשעקס.

kite'-fly'ing *n.* (קאַיט׳-פלאַי׳-אינג) דאָס לאָזען פליהען א פּאַפּיערענע שלאַנג; דאָס בעקומען געלד דורך פיקטיווע וועקסלען אָדער ווערטהלאָזע טשעקס.

kite'foot *n.* (קאַיט׳-פוט) א מין טאַבאַק־פלאַנצע.

kite'-wind *n.* (קאַיט׳-הווינד) א זיד אָדער זיד־וועסט ווינד וואָס בלאָזט אין סיאַם [אַזיע] ענדע פעברואַר און אָנהויב מערץ.

kit'-fox *n.* (קיט׳-פאָקס) אַזאַ קליינער אַמעריקאַנער פוקס.

kith and kin (קיטה ענד קין) קינד און קייט, אַלע פריינד אָדער קרובים.

ki'ting *n.* (קאַי׳-טינג) ז. *kite-flying*

kit'ling *n.* (קיט׳-לינג) א קעצעלע; א יונגע חיה.

kit'ten *n.* *and* *v.* (קיטן) א קעצעלע; זיך קעצלען [האָבען קעצלעך].

kit'tenish *a.* (קיט׳נ-איש) ווי א קעצעלע; שפּיעליג.

kit'ty *n.* (קיט׳-אי) א קעצעלע; אַזאַ גרויסע הילצערנע שיסעל; א קעסטעלע, וואו קאָרטען־שפּיעלער לעגען אָב א טייל פון זייער געווינס פאַר געווּיסע אויסגאַבען.

kiv'i *n.* (קיוו׳-אי) דער קיווי [א מין פויגעל פון ניי־זעעלאַנד]. ז. *apteryx*

kiv'i-kiv'i *n.* (קיוו׳-אי-קיוו׳-אי) ז. *kivi*

ki'wi *n.* (קיע׳-הווי) ז. *kivi*

ki'wi-ki'wi *n.* (קיע׳-הווי-קיע׳-הווי) ז. *kivi*

kleene'bok *n.* (קליענ׳-באָק) דער קליין־באָק [איינער פון די קלענסטע אַנטילאָפּען אין דרום־אַפריקאַ].

Kleenebok

kleptoma'nia *n.* (קלעפּ-טאָ-מיי׳-ני-אַ) קלעפּטאָמאַניע. ז. *cleptomania*

klick *n.* *and* *v.* (קליק) ז. *click*

klick'et *n.* (קליק׳-עט) אין פעסטונגס־ווערק — א קליין טויערעל.

klin'ker *n.* (קלינ׳-קער) ז. *clinker*

klin'ket *n.* (קלינ׳-קעט) ז. *klicket*

km. אַבקירצונג פון *kilometer*

knab *v.* (נעב) בייסען, גריזשען.

knack *n.* *and* *v.* (נעק) א שפּיעלכעל, א קליינינגקייט; א כיטראַסט, א שטוקע; געשיקטקייט; פלינקייט; קנאַקען; א קריץ טהאָן מיט די ציינער; מאַכען קנאַקען; רעדען מיט לעבעדיגקייט [גראַגערען], דערציילען.

knack'er *n.* (נעק׳-ער) א גראַגער, א קלאַפּער, א קאַלאַקאַטקע; איינער וואָס מאַכט קינדערשע שפּיעלצייג.

knack'ish *a.* (נעק׳-איש) געשיקט, פלינק, כיטרע.

knack'ishness *n.* (נעק׳-איש-נעס) געשיקטקייט, כיטרעקייט.

knack'y *a.* (נעק׳-אי) ז. *knackish*

knag *n.* (נעג) א קנאָטען, א סוק, א סענק; א טשוועקעל פון האָלץ.

knag'gy *a.* (נעג׳-אי) קנאָטיג, סוקעוואַטע, מיט סענקעס; שלעכט געשטימט, בייז, קריעגעריש, צאַנק־זיכטיג.

knap *v.* (נעפּ) קנאַקען; ברעכען; פּאַנאַנדערקלאַפּען.

knap'bottle *n.* (נעפּ׳-באָטל) א מין גראָז מיט בלויע בליטהען, וועלכע הענגען אַראָב ווי גלעקלעך.

knap'per *n.* (נעפּ׳-ער) א שטיין־האַקער; דער האַמער, מיט וועלכען מען האַקט שטיינער.

knap'sack *n.* (נעפּ׳-סעק) א ראַנעץ [א מין לעדערנער קליינער טשעמאָדאַן, וועלכען סאָלדאַטען בינדען צו צום רוקען און טראָגען אין איהם זייערע נויטיגע חפצים].

Knapsack

knap'weed *n.* (נעפּ׳-הוויעד) די פּלאַקען־בלום [א מין גראָז אויף די פעלדער און לאָנקעס מיט בלויע קאָרב־אַרטיגע בליטהען. ווערט בענוצט צו מאַכען אייניגע פאַרבען און אויך אין דער מעדיצין].

knar *n.* (נאַר) א קנאָטען, א סוק פון א בוים; אן אַנוואוקס אויף א בוים; א פעלז; א קורצער געזעצטער מענש.

knar'led *a.* (נאַרלד) מיט קנאָטען, מיט סוקעס אָדער סענקעס.

knave *n.* (נייוו) א פריינד, א חבר; א גנב, א שעלמע; אן אונטער אָדער וואַלעט [אין קאָרטען].

knave in grain (נייוו אין גריין) א פלוט, א שווינדלער.

kna'very *n.* (ניי׳-וועד-אי) שעלמעריי, אונעהרליכקייט, בעטרוג.

kna'vish *a.* (ניי׳-וויש) שעלמיש, בעטריגעריש.

kna'vishly *adv.* (ניי׳-וויש-לי) אויף אן אונעהרליכען, בעטריגערישען שטייגער; מעשה שעלמע, שעלמיש.

kna'vishness *n.* (ניי׳-וויש-נעס) ז. *knavery*

knaw'el *n.* (נאָה׳-על) א יאָהאַניסבלוט [א מין גראָז מיט גרינליכע בליטהען. וואַקסט אויף זאַמדיגען באָדען].

knead *v.* (ניעד) קנעטען; אויסמישען; פעראייניגען.

knea'dable *a.* (ניע׳-דעבל) וואָס לאָזט זיך קנעטען.

knea'der *n.* (ניע׳-דער) א קנעטער; א קנעט־מאַשין.

knea'dingly *adv.* (ניע׳-דינג-לי) אויף א קנעטענדען אופן; מעשה קנעטער.

knea'ding-machine' *n.* (ניע׳-דינג-מע-שין׳) א קנעט־מאַשין [פאַר טייג].


Kneading-machine

knea'ding-trough *n.* (ניע׳-דינג-טראָהף) א קנעט־דייזשע.

knee *n.* (ניע) א קניע; עטוואָס וואָס איז עהנליך צו א קניע.

knee'-bone *n.* (ניע׳-באָון) דער קניע־ביין.

knee'-boss *n.* (ניע׳-באָס) א קניע־פּאַנצער [א מין אייזערן דעקעל, וואָס די מיטעלאַלטערליכע ריטער פלעגען אָנטהאָן אויף דער קניע].

knee'-breech'es *n.* (ניע׳-בריטש׳-עז) קניע־הויזען [הויזען וואָס גרייכען נאָר ביז די קניע].

knee'-cap *n.* (ניע׳-קעפּ) דער ביין אין פאָרענט פון דער קניע; דאָס וואָס בעדעקט די קניע.

knee'-cords *n.* (ניע׳-קאָהרדז) ז. *knee-breeches*

knee'-crook'ing *a.* (ניע׳-קרוק׳-אינג) מיט געבויגענע קניע, מיט הכנעה, קנעכטיש.

kneed *a.* (ניעד) מיט קניע; אויסגעבויגען אין די קניע; אין זאָאָלאָגיע און באָטאַניק — אויסגעבויגען אין געלענק.

knee'-deep *a.* (ניע'-דיעפ) טיעף ביז די קניע.
The snow lay knee-deep.

knee'-guard *n.* (ניע'-גארד) א קניע-פאנציר.

knee'-high *a.* (ניע'-האי) ז. *knee-deep*

knee'holly *n.* (ניע'-האל-אי) דער מויז-דארן [א קליין בוימעל מיט שפיציגע און שטענדיג גרינע בלעטער]. ז. *butcher's-broom*

knee'holm *n.* (ניע'-האום) ז. *kneeholly*

knee'-joint *n.* (ניע'-דזשאינט) דאס געלענק פון קניע.

knee'-join'ted *a.* (ניע'-דזשאינ'-טעד) אין באטאניק און זאאלאגיע — אויסגעבויגענע אין געלענק.

kneel *v.* (ניעל) קניען, זיך קניען.

knee'ler *n.* (ניע'-לער) איינער וואס קניעט זיך אדער שטעהט אויף די קניע.

knee'ling *n.* (ניע'-לינג) דאס קניען.

knee'ling-stool *n.* (ניע'-לינג-סטוהל) דאס בענקעל אין א קירך, אויף וועלכען מען שטעהט אויף די קניע.

knee'pan *n.* (ניע'-פען) דער פאדערשטער ביין פון קניע.

knee'string *n.* (ניע'-סטרינג) א שטרומפפבאנד, א פאדעסקע.

knee'-tim'ber *n.* (ניע'-טימ'-בער) דאס קניע-האלץ [די אויסגעבויגענע קלעצער וואס ווערען געברויכט אין בויען א שיף].

knee'-trib'ute *n.* (ניע'-טריב'-יוט) הכנעה; אונטערטעניגקייט.

knee'-wor'ship *n.* (ניע'-וואיר'-שיפ) דאס פאלען כרעים.

knell *n. and v.* (נעל) דער גלאקען-קלונג נאך א טויטען; קלינגען אין די גלאקען נאך א געשטארבענעם.

knelt (נעלט) געקניעט. ז. *kneel*

knew (ניו) געוואוסט, געקענט. ז. *know*

knick *v. and n.* (ניק) קנאקען, טרעשטשען, דאס קנאקען, א טרעסק.

knick'er *n.* (ניק'-ער) א ליימען קוי-קעלע [פאר קינדער-שפיעל].

Knick'erbocker *n. and a.* (ניק'-ער-באק-ער) איינער וואס שטאמט ארויס פון די האלענדער, וועלכע זיינען געווען די ערשטע איינוואהנער פון ניו יארק; וואס איז שייך צו די האלענדער, וועלכע האבען זיך די ערשטע בעזעצט אין ניו יארק, אדער צו די, וואס שטאמען ארויס פון זיי.

knick'erbocker *n.* (ניק'-ער-באק-ער) א גראבער, שארסטקער געוואנד פאר פרויען-קליידער.

knick'erbockers *n.* (ניק'-ער-באק-ערז) שאראווארעס אדער ברייטע הויזען, וואס דערגרייכען ביז די קניע און פערשפילען זיך פון אונטען.

knick'knack *n.* (ניק'-נעק) א שפיעלצייג; א קלייניגקייט.

knick'knackatory *n.* (ניק'-נעק-א-טא-רי) א זאמלונג פון שפיעלצייג אדער קלייניגקייטען.

knick'knackery *n.* (ניק'-נעק-ער-אי) שפיעלצייג, קלייניגקייטען.

knife *n. and v.* (נאיף) א מעסער; א שטעכמעסער, א קינזשאל; דערשטעכען אדער קוילען מיט א מעסער; אין אמעריקאנער פאליטיק — ארבייטען אין געהיים אדער מיט הינטערוועגלעך, אז דער קאנדידאט פון דער אייגענער פארטיי זאל דורכפאלען ביי די וואהלען.

knife'-bas'ket *n.* (נאיפ'-בעס'-קעט) א מעסער-קערבעל [א קערבעל צו האלטען מעסערס].

knife'-blade *n.* (נאיפ'-בלייד) א קלינגע פון א מעסער.

knife'-board *n.* (נאיפ'-באורד) דאס ברעט, אויף וועלכען מען רייניגט מעסערס; אין ענגלאנד — די צווייזייטיגע באנק פון אויבען אויף א טראמוואי אדער אמניבוס.

knife'-box *n.* (נאיפ'-באקס) א מעסער-קעסטעל [א קעסטעל, וואו מען האלט מעסערס].

knife'-boy *n.* (נאיפ'-באי) א מעסער-פוצער [א משרת אין א קיך].

knife'-edged *a.* (נאיפ'-עדזשד) וואס האט א שארף ווי א מעסער.

knife'-grin'der *n.* (נאיפ'-גראינ'-דער) א מעסער-שלייפער; א שארף-שטיין.

knife'-rest *n.* (נאיפ'-רעסט) א מעסער-געשטעל, א מעסער-האלטער [א קליינער, מעטאלענער געשטעל, אויף וועלכען מען לעגט ביים עסען דעם גאפעל און מעסער, כדי דער טישטוך זאל זיך ניט איינריכטען].

knife'-sharpe'ner *n.* (נאיפ'-שארפ'-נער) א מעסער-שארפער [א שטיקעל שטאהל צום שארפען מעסערס].

knife'-tray *n.* (נאיפ'-טריי) א מעסער-קארב. ז. *knife-basket*

knight *n. and v.* (נאיט) א קאוואליער, א ריטער; אן עהרען-טיטול; דער שפרינגער אדער פערד אין שאך-שפיעל; מאכען פאר א ריטער.

Knight

knigh'tage *n.* (נאי'-טעדזש) דער ריי-טער-שטאנד.

knight bach'elor (נאיט בעטש'-ע-לאר) א ריטער פון אונטערשטען ראנג.

knight'-er'rant *n.* (נאיט'-ער'-ענט) א וואנדערענדער ריטער [א ריטער וואס וואנדערט איבער דער וועלט און ווייזט ארויס זיינע גבורות און גוטהערציגקייט].

knight'-er'rantry *n.* (נאיט'-ער'-ענט-רי) דאס וואנדערער-ריטערטום. ז. *knight-errant*

knight'-head *n.* (נאיט'-העד) איינער פון די צוויי קלעצער, צווישען וועלכע עס האלט זיך די האריזאנטאל-ליגענדע מאסט, וואס שטארצט ארויס פון דעם פאדערשטען טייל פון א זעגעל-שיף.

knight'hood *n.* (נאיט'-הוד) ריטער-שאפט; דער ראנג אדער די ווירדע פון א ריטער; דער ריטער-שטאנד.

knight'ly *a. and adv.* (נאיט'-לי) ריטעריש, ריטערליך; אויף א ריטערליכער ארט.

knight of the post (נאיט אוו טהי פאוסט) א פאלשער עדות; א קיסלער; א גנב.

knight of the road (נאיט אוו טהי ראוד) א וואלד-גזלן, א גאסען-רויבער; אן ארומשלעפער; א בראדיאגע.

knight of the shears (נאיט אוו טהי שיערז) א שניידער.

knight of the whip (נאיט אוו טהי הוויפ) א קוטשער, א שמייסער.

Knights of La'bor (נאיטס אוו ליי'-באר) אן ארבייטער-ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין יאהר 1869 מיט דעם ציעל צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון ארבייטער-קלאס און מיטווירקען דער אינדוסטריעלער און סאציאלער ענטוויקלונג פון די מאסען [די ארגאניזאציאן איז געווען א געהיימע מיט דער פארם פון א געהיימען ארדען].

Knights Tem'plars (נאיטס טעמ'-פלארז) די טעמפעל-ריטער [א ריטערליכער ארדען, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1119 מיט דעם ציעל צו פערטיידיגען די קריסטליכע פילגרימען, וועלכע פלעגען געהען אין ירושלים]; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געוויסע אבטיילונג פון די פריימויערער, וועלכע זיינען ארגאניזירט ווי די אמאליגע טעמפעל-ריטער.

knit *v. and n.* (ניט) שטריקען; פלעכטען; בינדען, פערקניפען; זיך פעראייניגען; א פערקניפלונג, צונויפהעפטונג; א קניפעל-נאט אדער קניפעל-זוים.

knit'table *a.* (ניט'-עבל) וואס קען געשטריקט אדער פערקניפעלט ווערען; וואס איז פעראייניבאר.

knit'ter *n.* (ניט'-ער) א שטריקער, א העפטער.

knit the brows (ניט טהי בראוז) קנייטשען דעם שטערען; אנכמורען זיך.

knit'ting *n.* (ניט'-אינג) דאס פלעכטען, העפטען אדער שטריקען; געשטריקטער שטאף; שטיקעריי.

knit'ting-case *n.* (ניט'-אינג-קייס) ז. *knitting-sheath*

knit'ting-machine' *n.* (ניט'-אינג-מע-שין') א שטריק-מאשין.

knit'ting-nee'dle *n.* (ניט'-אינג-ניעדל) א שטריק-נאדעל, א העפט-נאדעל, א פרענטעל, א שפיזעל.

knit'ting-pin *n.* (ניט'-אינג-פין) א טאמבור-נאדעל, א העקעל-נאדעל.

knit'ting-sheath *n.* (ניט'-אינג-שיעטה) א שיידעל צום האלטען שטריקנאדלען.

knit'ting-work *n.* (ניט'-אינג-הוואירק) שטריקעריי-ארבייט.

knit'tle *n.* (ניטל) א שנירעל [צוזאמענצוציהען א בייטעל]; א מין קליינער שיף-שטריק.

knit up (ניט אפ) צוזאמענשטריקען, פעסט פעראייניגען.

knives *n.* (נאיווז) מעסערס. ז. *knife*

knob *n. and v.* (נאב) א קנאפ, א גוזיק, א גוז, א בערגעל; א קנאטען, א סוק, א סענק; א טהיר-קנאפ; אויפהויבען זיך אדער אויסוואקסען ווי א גוז אדער בערגעל; ווערען סוקעוואטע; מאכען סוקעוואטע; אבריייניגען פון בערגלעך.

knobbed *a.* (נאבד) מיט גוזען, מיט בערגלעך; מיט קנאטען אדער סענקעס.

knob'bines *n.* (נאב'-אי-נעס) דאס זיין גוזעוואטע, סוקעוואטע, קנאטענדיג אדער בערגעלדיג.

knob'ble *v.* (נאבל) אויסוואקסען ווי א גוז אדער בערגעל; ווערען סוקעוואטע, מאכען סוקעוואטע; אבריייניגען פון סוקעס אדער בערגלעך. ז. *knob*

knob'bled *a.* (נאבלד) ז. *knobbed*

knob'by *a.* (נאב'-אי) ז. *knobbed*

knob'stick *n.* (נאב'-סטיק) א שווערער שטעקעל מיט א גאלקע; א שטרייק-ברעכער, א סקעב.

knock *v. and n.* (נאק) קלאפען, שטויסען; א קלאפ טהאן מיט עפעס; אנקלאפען; אנשטויסען זיך, אבקלאפען זיך; א קלאפ, א שטויס, א שלאג.

knock about' (נאק ע-באוט') זיך ארומשלעפען, ארומשלענדערען אהן א ציעל; זיך ארומטרייבען איבער דער וועלט, אומוואנדערען; שלעכט בעהאנדלען, קוועלען.

knock'-about' man (נאק'-ע-באוט' מען) איינער וואס שלעפט זיך ארום אהן א ציעל; איינער וואס טרייבט זיך ארום איבער דער וועלט; א בראדיאגע; א מענש וואס טויג צו אלע מלאכות; א מושלם, א כל-בו'ניק.

knock'-down *a.* (נאק'-דאון) צוקלאפענד, צושטערענד; וואס מען קען ניט ווידערשטעהן, צושמעטערענד; וואס איז לייכט פאנאנדערצונעהמען און צונויפשטעלען.

knock down (נאק דאון) אנידערווארפען; אין אויקציאן-פערקויף אדער ליציטאציע — אבקלאפען מיט'ן האמער אלס סמן, אז די זאך איז שוין פערקויפט געווארען.

knock down fares (נאק דאון פעהרז) גנב'ענען דאס פאהר-געלד [וועגען א קאנדוקטאר אויף אן אייזענבאהן אדער טראמוואי, וועלכער גנב'עט דאס פאהרגעלד, וואס ער בעקומט פון די פאסאזשירען].

knocked up (נאקט אפ) צושלאגען; אבגעמאטערט; מאט [אין שאכמאט-שפיעל].

knock'er *n.* (נאק'-ער) א קלאפער, א שטויסער; א טהיר-קלאפער [אן אייזערן העמערעל וואס הענגט אויף דער טהיר אום אנצוקלאפען אין איהר]; ביי די בערג-ארבייטער — דער קלאפער [א שד, וועגען וועלכען זיי גלויבען, אז ער געפינט זיך אין דער ערד און קלאפט אז צו בעווייזען די מענשען, וואו עס ציהען זיך מינעראל-אדערען].



Knocker

knock in (נאק אין) ארייינקלאפען מיט שוועריגקייט.

knock'ing-mill *n.* (נאק'-אינג-מיל) א וואלגע אדער א מיהל, וואו מען וואלקעוועט אדער מען קלאפט דורך און מען מאכט ווייך געוויסע שטאפען.

knock in'to a cocked hat (נאק אינ'-טו ע קאקט העט) צוברעכען אויף פיצלעך, מאכען א תל.

knock'-kneed *a.* (נאק'-ניעד) וואס האט אויסגעבויגענע פיס, אזוי אז די קניע קלאפען זיך איינע אן די אנדערע ביים גאנג; קרום, שוואך.

knock'-off *n.* (נאק'-אף) א פארריכטונג אין א האפטונגס-מאשין, דורך וועלכער עס נעהמען זיך אראב די קניפלעך און פלאנטערס פון די פאדים.

knock off (נאק אף) אבשטעלען; מאכען א סוף צו עפעס; אב'פטר'ען; אויפהערען; אויפהערען ארבייטען.

knock'-out *a. and n.* (נאק'-אוט) ארויסשלאגענד; צוברעכענד; צושטערענד; אין פויסט-געשלעג — א קלאפ וואס פערורזאכט בעוואוסטלאזיגקייט.

knock out (נאק אוט) געווינען אין א פויסט-געשלעג; בעזיעגען; האבען אן אויבער-האנד; פערלירען דעם שפור [וועגען יאגד-הינט].

knock o'ver (נאק או'-ווער) אומווארפען, אומשטירצען, דערשיסען.

knock round (נאק ראונד) זיך ארומטרייבען.

knock togeth'er (נאק טו-געטה'-ער) צונויפקלאפען אדער צונויפפאקען אין איילעניש, ווי עס איז.

knock un'der (נאק אנ'-דער) אונטערגעבען זיך, אנערקענען זיך אלס בעזיעגט.

knock up (נאק אפ) אויסמאטערען, אויסצעהרען פון מיעדקייט; אויפוועקען דורך אנקלאפען [אין טהיר]; צונויפקלאפען, צונויפשלאגען א זאך [ווי מיט טשוועקלעך אדער אין איילעניש]; אין בוכבינדעריי — אויסגלייכען די בלעטער קלאפענדיג מיט זיי אן טיש.

knoll *v. and n.* (נאול) קלינגען; קלינגען נאך א טויטען; דאס קלינגען; א בערגעל.

knoll'y *a.* (נאול'-אי) בעדעקט מיט קליינע רונדע בערגלעך.

knosp *n.* (נאספ) א שפראץ-קעפעלע פון א פלאנצונג.

knot *n. and v.* (נאט) א קנופ, א קניפעל; א באנט; א גוז, א סוק, א סענק; א בינטעל, א פערבאנד; א גרופע, א באנדע; אן אקסעלבאנד [א שנירעל מיט מעטאלענע שפיצען]; ביי די ים-פאהרער — א קנאט [א לענגען-מאס פון 6080 פוס]; א שוועריגקייט, א פראבלעם; צוזאמענקניפען, פערבינדען; פערוויקלען, פערפלאנטערען; מאכען קניפלעך.

knot'berry *n.* (נאט'-בער-אי) א מין שווארצע מאלינע [ווערט געברויכט צום עסען און אין מעדיצין].

knot'-grass *n.* (נאט'-גרעס) א מין גראז, וואס וואקסט זיך פאנאנדער אין צווייגלעך און מיט קנאטען. געפינט זיך איבעראל און וואקסט על פי רוב אויף טרוקענע אויסגעטראטענע ערטער.

knot'less *a.* (נאט'-לעס) אהן קניפלעך; אהן גוזיקעס, אהן סענקעס.

knot'ted *a.* (נאט'-עד) ז. *knotty*

knot'tiness *n.* (נאט'-אי-נעס) קניפעלדיגקייט; פערוויקלונג, פערפלאנטערטקייט.

knot'ty *a.* (נאט'-אי) קניפעלדיג; גוזעוואטע, סענקעוואטע; פערוויקעלט, פערפלאנטערט; שוויריג.

knot'weed *n.* (נאט'-הוויעד) ז. *knot-grass*

knout *n. and v.* (נוהט) דער קנוט [א מין בייטש מיט וועלכער מען פלעגט אין אמאליגע צייטען שלאגען פערברעכער אין רוסלאנד]; שלאגען מיט א קנוט.

know *v.* (נאו) וויסען, קענען, ערקענען; פערשטעהן.

know'able *a.* (נאו'-עבל) וואס מען קען וויסען אדער פערשטעהן.

know'ableness *n.* (נאו'-עבל-נעס) די ערקענבארקייט; דאס קענען בעוואוסט ווערען.

know'-all *n.* (נאו'-אהל) א יודע הכל; דער אלוויסער; איינער וואס פרעטענדירט אז ער ווייסט אלץ.

know by heart (נאו באי הארט) וויסען אויף אויסוועניג.

know'er *n.* (נאו'-ער) א קענער, א ווייסער.

know'ing *a. and n.* (נאו'-אינג) ערפאהרען; געשיקט; פערשטענדיג; שארפזיניג; קלוג; כיטרע; דורכגעטריבען; פערשפיצט; פראנטעוואטע; קענטשאפט; קלוגשאפט; דאס וויסען; פערשטאנד.

know'ingly *adv.* (נאו'-אינג-לי) וויסענדיג; מיט קענטשאפט פון דער זאך; מיט א פארויס-בעוואוסטער כונה; אויף א שארפזיניגען, כיטרען אופן.

know'ingness *n.* (נאו'-אינג-נעס) כיטרעקייט; דורכגעטריבענקייט.

knowl'edge *n.* (נאל'-עדזש) דאס וויסען; קענטניס; ערקענטניס; וויסענשאפט; א ידיעה, א נאכריכט פון עפעס; די בעקאנטשאפט מיט אימעצען אדער עפעס; ערפאהרענהייט; געשיקטליכקייט; דאס ערקענען.

knowl'edge-box *n.* (נאל'-עדזש-באקס) דער קאפ.

known *a.* (נאון) בעקאנט; בעוואוסט.

Know'-noth'ing *n.* (נאו'-נאטה'-אינג) א מיטגליעד פון דער געהיימער "אמעריקאנער פארטיי", וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין יאהר 1854 מיט דעם ציעל ניט צו דערלאזען, אז א וועלכער ניט איז מלוכה-אמט זאל זיין פערנומען פון איינעם וואס איז ניט קיין אמעריקאנער געבארענער [צוליעב דיעזען ציעל האט די פארטיי געפאדערט, עס זאל שטארק בעשרענקט ווערען דאס רעכט פון נאטוראליזאציאן].

know'-noth'ing *a. and n.* (נאו'-נאטה'-אינג) אונוויסענד; אן אונוויסענדער מענש; אן עם-הארץ.

Know'-noth'ingism *n.* (נאו'-נאטה'-אינג-איזם) די פרינציפען פון דער "אמעריקאנער פארטיי". ז. ***Know-nothing***

know the ropes (נאו טהי ראופס) קענען א זאך מיט אלע פרטים; וויסען אלע שטריק פון זעגעל-שיף.

know what's what (נאו הוואטס הוואט) וויסען וואס און ווען; ניט בלאנדזשען אין א זאך; שטעהן אויף א פעסטען באדען.

knuck'le *n. and v.* (נאקל) דער קנע-בעל, דאס געלענק [פון קניע און פון פינגער]; א געלענק, זאוויעסע צום אויפמאכען און צומאכען דאס טהירעל פון א קעסטעלע; בויגען די קניע; זיך אונטערווארפען; נאכגעבען.

knuck'le down (נאקל דאון) זיך אונטערגעבען; זיך אונטערווארפען; זיך ערקלערען בעזיעגט.

knuck'les *n.* (נאקלז) מעטאלענע בעשיצונגען אויף די פינגער געברויכט פון שלעגער און פערברעכער.

knuck'le un'der (נאקל אנ'-דער) ז. ***knuckle down***

knucks *n.* (נאקס) א מין קינדער-שפיעל אין צייכען.

knur *n.* (נויר) א קנאטען, א סוק.

knurl *n.* (נוירל) א קנאטען, א סוק.

knurled *a.* (נוירלד) סוקעוואטע.

knur'ly *a.* (נויר'-לי) פול מיט קנאטען אדער סוקעס.

knurr *n.* (נויר) ז. ***knur***

knur'ry *a.* (נויר'-אי) סוקעוואטע; פול מיט קנאטען אדער סוקעס.

koa'la *n.* (קא-א'-לא) די קאאלא [א מין אויסטראלישע חיה מיט אן אש-גרויער פעל וואס איז טיילווייז עהנליך צו א בער. האלט זיך אויף ביימער און ערנעהרט זיך מיט בלעטער און צווייגלעך].

Koala

kob *n.* (קאב) א געוויסער מין אפריקאנישע אנטילאפע מיט א רויט-ברוינעם רוקען און ווייסען בויך און מיט הערנער, וועלכע וואקסען אין דער פארם פון א לירע.

ko'ba *n.* (קאו'-בא) ז. ***kob***

ko'balt *n.* (קאו'-בעלט) ז. ***cobalt***

ko'bold *n.* (קאו'-באלד) אין די דייטשע פאלקס-לעגענדען — א קאבאלד אדער ערד-גייסט [א מין שד, וואס האלט זיך אויף אין קעלערס, גריבער, שאכטען א. ד. ג.].

ko'dak *n. and v.* (קאו'-דעק) א קאדאק, א קליינער פאטאגראפישער אפאראט, וועלכען מען טראגט אין האנד און מען נעהמט ארונטער פאטאגראפישע בילדער; שנעל פאטאגראפירען עפעס.

kohlra'bi *n.* (קאול-רא'-בי) דער קאהל-ראבי [א מין קרויט וואס וואקסט זיך פאנאנדער פון אויבען אין א דיקען שטאם און איז עהנליך צו א בוריק].

Kohlrabi

konis'tra *n.* (קא-נים'-טרא) אין אלט-גריכישען טעאטער — די קאניסטרא אדער ארקעסטער [דער פלאץ צווישען דער סצענע און אוידיטאריום, וואו דער כאר פלעגט זינגען].

koo'doo *n.* (קוה'-דוה) דאס קודו [אן ארט גרויסע אפריקאנישע אנטילאפען]. ז. ***striped antelope***

koo'miss *n.* (קוה'-מים) ז. ***kumiss***

koor'bash *n. and v.* (קוהר'-בעש) א בייטש געמאכט פון דער פעל פון א היפאפאטאמוס [ווערט געברויכט אין עגיפטען און אין אנדערע טיילען פון אפריקא]; שמייסען אדער שלאגען מיט אזא בייטש.

Koord *n.* (קוהרד) ז. ***Kurd***

ko'peck *n.* (קאו'-פעק) ז. ***copeck***

ko'pek *n.* (קאו'-פעק) ז. ***copeck***

Ko'ran *n.* (קאו'-רען) דער קאראן אדער אלקאראן [די ביבעל אדער די הייליגע שריפטען פון די מאכמעדאנער].

Koran'ic *a.* (קא-רענ'-איק) וואס איז שייך צום קאראן. ז. ***Koran***

ko'sher *a.* (קאו'-שער) כשר; ריין; ערלויבט צו געברויכען.

kosmog'ony *n.* (קאס-מאג'-א-ני) ז. ***cosmogony***

kotow' *v. and n.* (קאו-טאו') ז. ***kowtow***

kowtow' *v. and n.* (קאו-טאו') אבשלאגען דעם שטערען אן דער ערד ביים פאלען כרעים; קניען זיך מיט גרוים הכנעה; אונטערלעקען זיך; דאס בוקען זיך אזוי, אז דער שטערען דערגרייכט די ערד.

kraal *n.* (קראל) א קראאל, א דערפעל [אין דרום-אפריקא].

kra'ken *n.* (קרא'-קען) דער קראקען [א פאנטאסטישע, מורא'דיגע ים-חיה, וועגען וועלכער מען גלויבט, אז זי ווייזט זיך פון צייט צו צייט ביי די ברעגעס פון נארוועגיען].

kra'ma *n.* (קריי'-מא) א געטראנק פון וויין געמישט מיט וואסער, וואס ווערט געברויכט ביים הייליגען אבענדמאל אין די גריכישע און קאטוילישע קירכען.

kra'sis *n.* (קריי'-סים) דאס צוגיסען אביסעל וואסער צום וויין וואס ווערט געברויכט אין די קירכען ביים הייליגען אבענדמאל.

kra'ter *n.* (קריי'-טער) ז. ***crater***

kre'asote *n.* (קרי'-ע-סאוט) ז. ***creosote***

kre'osote *n.* (קרי'-א-סאוט) ז. ***creosote***

kreut'zer *n.* (קראיט'-סער) א קרייצער, א קליינע קופערנע מטבע אין עסטרייך [האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר א האלבען אמעריקאנישען סענט].

kreu'zer *n.* (קראיט'-סער) ז. ***kreutzer***

kris *n.* (קרים) אזא קורצע שווערד.

Krish'na *n.* (קריש'-נא) אין דער אינדישער מיטאלאגיע — קרישנא, די 8טע פערקערפערונג פון גאט ווישנו, דאס קינד פון דער קעניגין דעוואקי [די לעגענדע וועגען קרישנא'ס געבורט און יוגענד איז זעהר עהנליך צו דער לעגענדע וועגען קריסטוס'עס געבורט און ערציהונג].

kro'ne *n.* (קראו'-נע) א קראנע [א דענישע, שוועדישע אדער נארוועגישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון אונגעפעהר 27 אמעריקאנישע סענט].

Kron'os *n.* (קראנ'-אס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — קראנאס, דער גאט פון הימעל און ערד, דער פאטער פון צעאוס.

krul'ler *n.* (קראל'-ער) ז. ***cruller***

kry'olite *n.* (קראי'-א-לאיט) ז. ***cryolite***

kry'olith *n.* (קראי'-א-ליטה) ז. ***cryolite***

kryom'eter *n.* (קראי-אמ'-ע-טער) א קריאמעטער [א מין טערמאמעטער, מיט וועלכען מען מעסט זעהר נידריגע אדער קאלטע טעמפעראטורען].

kryp'ton *n.* (קריפ'-טאן) קריפטאן, א מין גאז, וואס געפינט זיך אין דער אטמאספערע אין א זעהר קליינער מאס [ענטדעקט אין יאהר 1895].

ku'dos *n. and v.* (קיו'-דאס) דער לויב, דער כבוד; די עהרע; לויבען; בעעהרען [אין הומאריסטישען זין].

Ku'klux *n.* (קיו'-קלאקס) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען — א געהיימע ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט נאך דעם בירגערקריעג אין די דרום-שטאאטען מיט דעם ציעל צו האלטען די נעגערס אין דער מורא און ניט דערלאזען זיי אויסצונוצען זייערע פאליטישע רעכטען.

Ku'kluxism *n.* (קיו'-קלאקס-איזם) די מעטאדען פון דער געהיימער אמעריקאנער ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך גערופען "קוקלאקס". ז. ***Kuklux***

Ku'klux Klan (קיו'-קלאקס קלען) ז. ***Kuklux***

ku'miss *n.* (קוה'-מים) קומים, קליאטשע-מילך.

küm'mel *n.* (קימ'-על) קימעל-שנאפס [שנאפס פערזיסט מיט צוקער און מיט קימעל-געווירץ. ווערט בעזאנדערס געברויכט אין די באלטישע פראווינצען פון רוסלאנד].

ku'myss *n.* (קוה'-מים) ז. ***kumiss***

Kurd *n.* (קוהרד) א קורד, איינער פון די קורדען [א קריעגערישער מוסולמאנישער וואנדערענדער שבט פון קליין-אזיען].

kutch *n.* (קאטש) פאפיער-בלעטער אדער שטיקער פארמעט, צווישען וועלכע מען פרעסט אוים גאלד-בלעטער. ז. ***cutch***

kvass *n.* (קוועס) קוואס [א געזייערטער געטראנק וואס ווערט געברויכט אין רוסלאנד].

Ky. [אויי-] אבקירצונג פון ***Kentucky*** [איינע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

ky'ack *n.* (קאי'-עק) ז. ***kaiak***

ky'anise *v.* (קאי'-ע-נאיז) ז. ***kyanize***

ky'anite *n.* (קאי'-ע-נאיט) ז. ***cyanite***

ky'anize *v.* (קאי'-ע-נאיז) קיאניזירען, דורכווייקען האלץ אין געוויסע כעמישע מאטעריאלען, וועלכע לאזען עס ניט פוילען.

Kym'ry *n.* (קימ'-רי) ז. ***Cymry***

L

L, l (על) דער צוועלפטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

L *n.* (על) א הויז פליגעל וואס האט די פארם פון דעם בוכשטאב *L*; א רעכט־ווינקעלדיגע געבויגענע ראהר־פערבינדונג; אן אייל [א לענגען־מאס]; א הויף־באהן.

la *int.* (לאה) בא! ווירקליך! זעהט! אך!

la *n.* (לא) דער טאן לא [די 6טע נאטע אין דעם טאן־לייטער].

La. [איי־ אבקירצונג פון *Louisiana* נער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

lab'arum *n.* (לעב'-ע-ראם) א קריעגס־פאהן אין אלטען רוים; א הייליגע פאהן פון דער קאטוילישער קירך; א מוסטער פאר מאראל; א מאראלישער וועג־ווייזער.

lab'danum *n.* (לעב'-דע-נאם) ז. *ladanum*

labefacta'tion *n.* (לעב-אי-פעק-טיי'- שאן) ז. *labefaction*

labefac'tion *n.* (לעב-אי-פעק'-שאן) ענטקרעפטונג; אבשוואכונג; רואינירונג.

la'bel *n. and v.* (ליי'-בעל) א צעטעל [אנגעהאנגען אדער צוגעקלעפט צו עט־וואס]; אן עטיקעט; א צוזאץ צו א צוואה; ארויפלעגען א צעטעל אדער אן עטיקעט; אין אבטאניק — די אונטער־ליפ ביי אר־כידעען־בלומען. ז. *labellum*

label'lum *n.* (לע-בעל'-אם) אין באטא־ניק — די אונטער־ליפ ביי ארכידעען־בלומען [דאס אונטערשטע, אראבהענגענ־דע בלומען־בלעטעל וואס איז מייסטענס גרעסער און האט אן אנדער פארם ווי די איבריגע]; א טייל פון דעם מויל פון אן אינזעקט, וואס הענגט אראב ווי א ליפ.

la'bel-machine' *n.* (ליי'-בעל-מע- שין') א מאשין צו פראדוצירען און צו קלעפען עטיקעטען אויף פלאשען, קעסט־לעך א. ד. ג.

la'bent *a.* (ליי'-בענט) זיך גליטשענדיג; אוועקגליטשענד.

la'bial *a. and n.* (ליי'-בי-על) וואס געהערט צו די ליפען; וואס ווערט אויס־געשפראכען מיט די ליפען; וואס האט אזעלכע ענדען ווי ליפען [וועגען געוויסע מוזיקאלישע אינסטרומענטען]; א בוכ־שטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען; אן אפאראט צום אבגעוועהנען פון שטאמלען.

labial'ity *n.* (ליי-בי-על'-אי-טי) דאס זיין אויסגעשפראכען אדער ארויסגע־בראכט דורך די ליפען.

labializa'tion *n.* (ליי-בי-על-אי-זיי'- שאן) דאס אויסשפרעכען דורך די ליפען; פערוואנדלונג אין א ליפען־קלאנג [ארויס־געבראכט דורך די ליפען].

la'bialize *v.* (ליי'-בי-על-איז) אויס־שפרעכען דורך די ליפען; פערוואנדלען אין א ליפען־קלאנג [ארויסגעבראכט דורך די ליפען].

la'bially *adv.* (ליי'-בי-על-אי) דורך דער הילף פון די ליפען.

la'biate *a.* (ליי'-בי-אייט) ליפען־פערמיג [וועגען פלאנצען]; וואס האט ליפען.

la'biated *a.* (ליי'-בי-איי-טעד) ז. *labiate*

labioden'tal *a. and n.* (ליי-בי-א- דענ'-טעל) וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט די צייהנער; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט די צייהנער.

labiona'sal *a. and n.* (ליי-בי-א-ניי'- זעל) וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט דער הילף פון דער נאז; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט דער הילף פון דער נאז.

la'bis *n.* (ליי'-ביס) — א ביי קריסטען לעפעל אויסצוטיילען דאס הייליגע ברויט און וויין.

la'bium *n.* (ליי'-בי-אם) א ליפ; אן אר־גאן אדער א טייל פון אן ארגאן וואס איז ענהליך צו א ליפ.

lab'lab *n.* (לעב'-לעב) עגיפטישער אדער שווארצער באב.

la'bor *n. and v.* (ליי'-באר) ארבייט; אנשטרענגונג; מיה; ארבייטערשאפט; דאס בעוועגען זיך מיט מיה און אנשטרענ־גונג; דאס שטארקע שליידערען זיך פון א שיף; געבורטס־וועהען; דאס געהן צו קינד; ארבייטען; זיך אנשטרענגען; געהן צו קינד; האבען געבורטס־וועהען; בעווע־גען זיך מיט מיה און אנשטרענגונג; זיך שטארק שליידערען, ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים.

lab'oratory *n.* (לעב'-א-רע-טא-רי) א לאבאראטאריע [אן ארט וואו עס ווערען געמאכט כעמישע, פיזיקאלישע אדער אנדערע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונ־גען, עקספערימענטען אדער ארבייטען]; א ווערקשטאט אין אן ארסענאל וואו עס ווערען געמאכט קוילען, טארפעדאס א. ד. ג.

La'bor Day (ליי'-באר דיי) ארבייטס־יום־טוב [א געזעצליכער יום־טוב אין פיע־לע שטאאטען פון נארד־אמעריקא. ווערט געפייערט דעם ערשטען מאנטאג פון סעפ־טעמבער לכבוד דער ארבייט].

la'bored *a.* (ליי'-בארד) געמאכט דורך שווערער ארבייט; וואס טראגט די צייכען פון שווערער ארבייט אדער אנשטרענ־גונג.

la'borer *n.* (ליי'-באר-ער) אן ארביי־טער; א לוין־ארבייטער; אן אונגעלערנ־טער ארבייטער.

la'boring *n.* (ליי'-באר-אינג) ארבייט; אנשטרענגונג.

la'boringly *adv.* (ליי'-באר-אינג-לי) מיט שווערקייט; מיט אנשטרענגונג.

labo'rious *a.* (לע-באו'-רי-אס) אר־בייטזאם; מיהזאם, שווער.

labo'riously *adv.* (ליי-באו'-רי-אס-לי) אויף אן ארבייטזאמען אופן; מיט מיה־זאמקייט, מיט אנשטרענגונג.

labo'riousness *n.* (ליי-באו'-רי-אס- נעס) ארבייטזאמקייט; מיהזאמקייט, שווערקייט, אנשטרענגונג.

la'borist *n. and a.* (ליי'-באר-איסט) איינער וואס ארבייט פאר די אינטערע־סען פון די ארבייטער; א מיטגליעד פון אן ארבייטער־פארטיי; וואס איז שייך צו ארבייט אדער צו די אינטערעסען פון אר־בייט.

la'borless *a.* (ליי'-באר-לעס) אהן אנ־שטרענגונג.

la'bor-mar'ket *n.* (ליי'-באר-מאר'- קעט) דער ארבייטס־מארק [דער אנבאט פון ארבייט און די פאדערונג נאך איהר].

la'bor on the way (ליי'-באר אן טהי הוויי) פארטזעצען, אנגעהן ווייטער מיט דער ארבייט.

la'bor-pains *n.* (ליי'-באר-פיינז) גע־בורטס־וועהען.

la'bor-sa'ving *n.* (ליי'-באר-סיי'- ווינג) וואס שפארט ארבייט.

la'borsome *a.* (ליי'-באר-סאם) מיה־זאם, אנגעשטרענגט; שליידערענדיג זיך ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים.

la'bor-time *n.* (ליי'-באר-טאים) אר־בייטס־צייט.

la'bor-u'nion *n.* (ליי'-באר-יו'-ניאן) אן ארבייטער־פעראייניגונג [א טרייד־יו־ניאן].

la'bor with (ליי'-באר הוויטה) ארבייט־טען'עז, אריינקנעלען.

He labored with him the whole day but could not persuade him.

la'bor-yard *n.* (ליי'-באר-יארד) א הויף ביי אן אנשטאלט פאר ארימע, וואו די ארימע לייט טהוען פערשיעדענע ארבייט.

la'bra *n.* (ליי'-ברא) — אין זאאלאגיע ליפען אדער ליפען־ענהליכע גליעדער. ז. *labrum*

Labrador' duck (לעב-רע-דאור' דאק) די לאבראדאר ענטעל [אזא ים־קאטשקע וועלכע געפינט זיך אויף'ן צפון־מזרח'דיגען ברעג פון נארד־אמעריקא].

lab'radorite *n.* (לעב'-רע-דאר-איט) דער לאבראדארשטיין, לאבראדאר־פעלד־שפאט [אזא זארט קאלירטער שטיין, וועל־כער געפינט זיך בעזאנדערס ביי די ברעג־גען פון לאבראדאר].

la'bret *n.* (ליי'-ברעט) א ביינדעל, א מו־שעל, א שטיינדעל אדער עטוואס ענהלי־כעס, וואס געוויסע ווילדע שטעכען זיך דורך אין דער אונטערשטער ליפ.

la'brose *a.* (ליי'-בראוס) וואס האט די־קע ליפען.

la'brum *n.* (ליי'-בראם) אין זאאלא־גיע — א ליפ אדער ליפען־ענהליכער קער־פער־גליעד.

labur'num *n.* (לע-בויר'-נאם) דער גאלד־רעגען [א קליין, שעהן בוימעלע מיט געלבער ארבעס־ענהליכער בליהונג. וואקסט אויף די אלפישע בערג].

lab'yrinth *n.* (לעב'-אי-רינטה) א לא־בירינט [א געביידע אדער אן ארט מיט פערדרעהטע גענג]; א פערפלאנטערטע זאך; דער אויער פון אינוועניג; אן אפא־ראט צום אויסראמען ערץ־שלאם [דאס בלאטיגע וואסער, וואס איז פערמישט מיט ערץ] פון אן ערץ־מינע.

labyrin'thal *a.* (לעב-אי-רינ'-טהעל) ז. *labyrinthian*

labyrin'thian *a.* (לעב-אי-רינ'-טהי- ען) לאבירינטיש; פערפלאנטערט. ז. *labyrinth*

labyrin'thic *a.* (לעב-אי-רינ'-טהיק) ווי א לאבירינט; פערפלאנטערט.

labyrin'thical *a.* (לעב-אי-רינ'-טהי- קעל) ז. *labyrinthic*

labyrin'thiform *n.* (לעב-אי-רינ'-טהי-פארם) וואס האט די פארם פון א לאבירינט. ז. *labyrinth*
labyrin'thine *a.* (לעב-אי-רינ'-טהין) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו א לאבירינט; לאבירינטיש, פערפלאנטערט.
labyrin'thus *n.* (לעב-אי-רינ'-טהאס) דער לאבירינט, דער אינוועניגסטער טייל פון אויער.
lac *n.* (לעק) לאק, לאקיר; די סומע פון 100,000; א גרויסע צאהל, א מענגע.
laccin'ic *a.* (לעק-סינ'-איק) געמאכט פון לאק, ענהליך צו לאק.
lac'-dye *n.* (לעק'-דאי) לאק-פארב.
lace *n.* and *v.* (לייס) שפיצען, איינזאץ, קרוזשעווע; פאזאמענט; א שנור; בעפוצען מיט פאזאמענט אדער מיט שפיצען; צושנירען; זיין צוגעשנירט; אנברעכען די ביינער.
lace'bark *n.* (לייס'-בארק) דער לייסוואנט-בוים [אזא בוים וואס זיין קארע האט די פארם פון א געוועב].
lace'-boot *n.* (לייס'-בוהט) א שוך צום שנירען.
lace'border *n.* (לייס'-באהר-דער) אזא קליין מאטען-פליגעלע פון זילבער-ווייסען קאליר, מיט א ברייטען ראנד אויף די פליגעלעך, וואס זעהט אויס ווי די פליגעלעך וואלטען געווען בעלעגט מיט שפיצען [קרוזשעוועס].
lace'-emboss'ing *n.* (לייס'-עמ-באס'-אינג) דאס בעציערען מיט שפיצען אין רעליעף, דאס ארויפלעגען קרוזשעוועס, דאס בעציערען ווי מיט קרוזשעוועס.
lace'-frame *n.* (לייס'-פריים) א ראהם צו פאבריצירען שפיצען [קרוזשעווע].
lace'-ma'ker *n.* (לייס'-מיי'-קער) א פאזאמענטירער, א שמוקלער, א איינזאץ אדער שפיצען-מאכער.
lace'man *n.* (לייס'-מען) א שפיצען-הענדלער, א קרוזשעווע-הענדלער.
lace'-pa'per *n.* (לייס'-פיי'-פער) פאפיער-שפיצען.
lace'-pil'low *n.* (לייס'-פיל'-או) א קישעלע, מיט וועלכען מען האלט אונטער די ארבייט ביים מאכען שפיצען [קרוזשעוועס].
lac'erable *a.* (לעס'-ע-רעבל) צורייסבאר.
lac'erate *v.* and *a.* (לעס'-ער-אייט) צורייסען, צופליקען; פייניגען, קוועלען; צוריסען, צופליקט.
lac'erately *adv.* (לעס'-ע-רייט-לי) דורך צוריסונג; צוריסענערהייד.
lacera'tion *n.* (לעס-ע-ריי'-שאן) דאס צורייסען; א צוריסונג; דאס פייניגען, דאס פערוואונדען די געפיהלען.
lac'erative *a.* (לעס'-ע-ריי-טיוו) וואס האט די קראפט צו צורייסען; צורייסענדיג.
Lacer'ta *n.* (לע-סויר'-טא) א מין פיערפיסיגע עקדעשען [יאשטשערקעס] וואס האלטען זיך מעהרסטענטייל אויף דער ערד.
lacer'ta *n.* (לע-סויר'-טא) אן עקדעש [יאשטשערקע].
lacer'tian *a.* and *n.* (לע-סויר'-שי-ען) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע]; וואס איז שייך צו אן עקדעש; אן עקדעש.
lacer'tiform *a.* (לע-סויר'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון אן עקדעש [יאשטשערקע].
Lacertil'ia *n.* (לעס-ער-טיל'-אי-א) דער מין רעפטיליען, צו וועלכע עס געהערען די עקדעשען [יאשטשערקעס].
lacertil'ian *a.* and *n.* (לעס-ער-טיל'-אי-ען) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע]; אן עקדעש.
lacer'toid *a.* (לע-סויר'-טאיד) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע].
lace'-run'ner *n.* (לייס'-ראנ'-ער) א שפיצען-שטריקער אדער שטריקערין.
lace'wing *n.* (לייס'-הווינג) אזא אינזעקט וואס זיינע פליגלען זיינען נעץ-פערמיג אדער האבען די פארם פון שפיצען [איינזאץ, קרוזשעווע].
lace'-winged *a.* (לייס'-הווינגד) וואס האט נעץ-פערמיגע פליגעל [וועגען געוויסע אינזעקטען].
lace'-wom'an *n.* (לייס'-הוואומ'-ען) א שפיצען-הענדלערין.
lach'es *n.* (לעטש'-עז) א נאכלעסיגקייט; א פערנאכלעסיגונג; א פערנאכלעסיגונג אדער אבלעגונג פון אימעצענס רעכטען.
lach'rymal *a.* and *n.* (לעק'-רי-מעל) ז. *lacrimal*
lach'rymary *a.* (לעק'-רי-מע-רי) ז. *lacrimary*
lachryma'tion *n.* (לעק-רי-מיי'-שאן) ז. *lacrimation*
lach'rymatory *n.* (לעק'-רי-מע-טא-רי) ז. *lacrimatory*
lach'rymose *a.* (לעק'-רי-מאוס) ז. *lacrimose*
lach'rymous *a.* (לעק'-רי-מאס) ז. *lacrimose*
la'cing *n.* (ליי'-סינג) דאס צובינדען מיט א שנור; דאס צונויפשנירען; א שנור צום פערבינדען אדער צונויפבינדען; א פערבינדונגס-קניפ [א שטיק געבויגענע האלץ צו פערבינדען וועלכע עס איז צוויי טיילען פון א שיף]; דער ראנד פון א פעדער, וועלכער האט אן אנדער קאליר ווי דער מיטען זיינער; דאס אנברעכען די ביינער.
lacin'iate *a.* (לע-סינ'-אי-אייט) בעפוצט מיט פרענז; אין באטאניק — געצאקט, געקארבט [וועגען בלעטער, בלומען א. ד. ג.].
lacin'iated *a.* (לע-סינ'-אי-איי-טעד) ז. *laciniate*
lac'-in'sect *n.* (לעק'-אינ'-סעקט) א לאק-אינזעקט [אן אינזעקט וואס טיילט פון זיך אויס לאק אויף פלאנצען].
lack *v.* and *n.* (לעק) ניט האבען; ליידען מאנגעל אין עפעס; פעהלען; דער מאנגעל; דאס פעהלען.
lackadai'sical *a.* (לעק-ע-דיי'-זי-קעל) סענטימענטאל, שוואך, אבגעלאזען; מיט ווענינ לעבען; אונטהעטיג.
lackadai'sically *adv.* (לעק-ע-דיי'-זי-קעל-אי) אויף א סענטימענטאלען, שוואכען אדער אבגעלאזענעם שטייגער.
lack'adaisy *a.* and *int.* (לעק'-ע-דיי-זי) סענטימענטאל, שוואך, אבגעלאזען, אונטהעטיג; א וועה!
lack'aday *int.* (לעק'-ע-דיי) א וועה!
lack'all *n.* (לעק'-אהל) א אביון, אן מענש וואס האט גארנישט.
lack'beard *n.* (לעק'-ביערד) איינער וואס האט נאך ניט קיין בארד.
lack'brain *n.* (לעק'-בריין) א דומקאפ, א שוטה.
lack'er *n.* and *v.* (לעק'-ער) א לאקירער; לאקיר; איינער וואס ליידעט פון מאנגעל אין עפעס; לאקירען.
lack'er-work *n.* (לעק'-ער-הוואירק) לאקיר-ארבייט; זאכען וואס זיינען געפארבט און לאקירט.
lack'ey *n.* and *v.* (לעק'-אי) א לאקיי, א משרת, א דינער; בעדיענען; שפיעלען די ראלע פון א לאקיי.
lack'-lin'en *a.* (לעק'-לינ'-ען) אהן א העמד; בערום ובחסר כל; זעהר ארים.
lack'-love *a.* (לעק'-לאוו) אהן ליעבע.
lack'-lus'ter *a.* and *n.* (לעק'-לאס-טער) אהן גלאנץ, אהן שיין; דאס וואס האט ניט קיין שיין אדער גלאנץ.
lack'-thought *a.* (לעק'-טהאהט) אהן געדאנק, נאריש, משוגע.
lack'-wit *n.* (לעק'-הוויט) א דומקאפ.
lack'-wit'ted *a.* (לעק'-הוויט'-עד) טעמפ, נאריש.
Laco'nian *a.* and *n.* (לע-קאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו לאקאניען אדער ספארטא [א טייל פון אלט-גריכענלאנד]; אן איינוואהנער פון לאקאניען, א ספארטאנער.
lacon'ic *a.* and *n.* (לע-קאנ'-איק) לאקאניש, קורץ און שארף [אין אויסדריקע]; א קורצער און שארפער אויסדרוק.
lacon'ical *a.* (לע-קאנ'-אי-קעל) ז. *laconic*
lacon'ically *adv.* (לע-קאנ'-אי-קעל-אי) אויף א לאקאנישען אופן; קורץ און שארף.
lacon'icism *n.* (לע-קאנ'-אי-סיזם) לאקאניזם, די ארט פון רעדען מיט קורצע און שארפע אויסדריקע; א קורצער און שארפער אויסדרוק.
lac'onism *n.* (לעק'-א-ניזם) לאקאניזם, קורצקייט און שארפקייט אין אויסדריקע.
lac'quer *n.* (לעק'-ער) ז. *lacker*
lac'quer-work *n.* (לעק'-ער-הוואירק) ז. *lacker-work*
lac'quey *n.* (לעק'-אי) ז. *lackey*
lac'rimal *a.* and *n.* (לעק'-רי-מעל) וואס איז שייך צו טרעהרען אדער צו די ארגאנען וואס לאזען ארויס טרעהרען; א דין ביינדעל ווי א הייטעל וואס געפינט זיך אין ארביט פון אויג.
lac'rimals *n.* (לעק'-רי-מעלז) א געוויין; טרעהרען.
lac'rimary *a.* (לעק'-רי-מע-רי) וואס איז שייך צו טרעהרען; וואס ענטהאלט טרעהרען.
lacrima'tion *n.* (לעק-רי-מיי'-שאן) דאס גיסען טרעהרען.
lac'rimatory *n.* (לעק'-רי-מע-טא-רי) דאס טרעהרען-פלעשעל, איינס פון די שמאלע און לאנגע פלעשלעך, וועלכע מען געפינט אין די קברים פון די אלטע רוימער און גריכען [מען האט אמאל געגלויבט, אז אין דיעזע פלעשלעך פלעגען די אבלים פון א געשטארבענעם אנקלייבען זייערע טרעהרען און פלעגען זיי בעגראבען אין קבר צוזאמען מיט דעם טויטען].

Lacrimatory

lac'rimose *a.* (לעק'-רי-מאוס) וואס גיסט מיט טרעהרען; פול מיט טרעהרען; וויינענד.
lac'rimous *a.* (לעק'-רי-מאס) ז. *lacrimose*
lacrosse' *n.* (לא-קראהס) לאקראס [אזא באל-שפיעל, אין וועלכען מען ווארפט דעם באל ניט מיט דער האנד, נאר מיט א מין שטעקעל מיט א שאטקע].

lacrosse'-stick *n.* (לא-קראהס'-סטיק) די שאטקע וואס ווערט געברויכט אין לאקראס. ז. *lacrosse*

lac'rymal *a.* (לעק'-רי-מעל) ז. *lacrimal*

lac'rymary *n.* (לעק'-רי-מע-רי) ז. *lacrimary*

lacryma'tion *n.* (לעק-רי-מיי'-שאן) ז. *lacrimation*

lac'rymatory *n.* (לעק'-רי-מע-טא-רי) ז. *lacrimatory*

lac'tary *n.* (לעק'-טע-רי) א מילכיגס, א הויז וואו מען מאכט אדער מען האלט פערשיעדענע פראדוקטען פון מילך.

lac'tate *v. and n.* (לעק'-טייט) פערוואנדלען אין מילך; מאכען ווי מילך; אנזויגען; אין כעמיע — מילך=זויערע זאלץ [א זאלץ וואס בעקומט זיך פון זויער=מילך].

lacta'tion *n.* (לעק-טיי'-שאן) די אויסבילדונג אדער אויסטיילונג פון מילך; דאס זויגען, דאס קארמען מיט מילך.

lacta'tional *a.* (לעק-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער צייט פון זויגען א קינד.

lac'teal *a. and n.* (לעק'-טי-על) מילכיג; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו מילך; עהנליך צו כילוס [מילך=עהנליכע נאהרונגס=זאפט פון שפייזען וואס ווערט איבערגעקאכט אין די געדערים נאכדעם ווי עס קומט פון מאגען]; וואס ברייגנט ארויס מילך אדער כילוס; אן אדערעל וואס זויגט אין זיך אריין דעם כילוס.

lac'teally *adv.* (לעק'-טי-על-אי) ווי מילך; ווי כילוס. ז. *lacteal*

lac'teal vein (לעק'-טי-על וויין) דאס מילך=געפעס; כילוס=געפעס [אין קערפער]. ז. *lacteal*

lac'teal ves'sel (לעק'-טי-על ועס'-על) ז. *lacteal vein*

lac'tean *a.* (לעק'-טי-ען) מילכיג; מילך=עהנליך; וואס ברייגנט ארויס מילך אדער כילוס. ז. *lacteal*

lac'tein *n.* (לעק'-טי-אין) דער שטאף וואס בלייבט, ווען מילך ווערט אויסגעדאמפפט; קאנצענטרירטע מילך.

lac'teous *a.* (לעק'-טי-אס) ז. *lactean*

lac'teously *adv.* (לעק'-טי-אס-לי) ז. *lacteally*

lactes'cence *n.* (לעק-טעס'-ענס) מילכיגקייט; דאס זיין אדער אויסזעהן ווי מילך; א מילך=עהנליכע זאפט וואס פליסט ארויס פון געוויסע פלאנצען, ווען זיי ווערען בעשעדיגט.

lactes'cency *n.* (לעק-טעס'-ענ-סי) ז. *lactescence*

lactes'cent *a.* (לעק-טעס'-ענט) מילכיג; עהנליך צו מילך; וואס פערמאגט א מילך=עהנליכען זאפט [וועגען פלאנצען]; אויסטיילענדיג פון זיך א מילך=עהנליכען זאפט [וועגען געוויסע אינזעקטען].

lac'tic *a.* (לעק'-טיק) מילכיג; געמאכט פון מילך; געמאכט פון עטוואס וואס איז עהנליך צו מילך.

lac'tic ac'id (לעק'-טיק עס'-איד) מילך=זויערע [א זויערע וואס געפינט זיך אין זויער=מילך].

lactif'erous *a.* (לעק-טיפ'-ע-ראס) מילכיג; מילך=עהנליך; וואס ברייגנט ארויס מילך אדער כילוס; וואס ברייגנט ארויס א מילך עהנליכען זאפט. ז. *lacteal*

lactif'erous duct (לעק-טיפ'-ע-ראס דאקט) דער מילך=קאנאל [אין קערפער].

lactif'ic *a.* (לעק-טיפ'-איק) וואס פראדוצירט מילך.

lactif'ical *a.* (לעק-טיפ'-אי-קעל) ז. *lactific*

lactifica'tion *n.* (לעק-טי-פי-קיי'-שאן) דאס בילדען זיך פון מילך=זויערע [אין מילך]. ז. *lactate*

lactif'luous *a.* (לעק-טיפ'-לו-אס) פליסענד מיט מילך; אויסטיילענדיג א געדיכטען מילך=עהנליכען זאפט.

lac'tiform *a.* (לעק'-טי-פארם) מילך=עהנליך.

lactif'ugal *a.* (לעק-טיפ'-יו-געל) וואס האלט אב אדער פערקלענערט דאס פליסען אדער דאס ארויסברייגגען פון מילך.

lac'tifuge *n.* (לעק'-טי-פיודזש) א מעדיצינישער מיטעל אבצוהאלטען אדער צו פערקלענערען די אויסטיילונג פון מילך.

lac'tine *n.* (לעק'-טין) ז. *lactose*

lactom'eter *n.* (לעק-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די פעטקייט און ריינקייט פון מילך.

lac'toscope *n.* (לעק'-טא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו פרובירען מילך.

lac'tose *n.* (לעק'-טאוס) מילך=צוקער [צוקער וואס מען קריעגט ארויס פון מילך].

lacu'na *n.* (לע-קיו'-נא) א הויהל, א גרוב, א פערטיעפונג, א ריס, אן אונטערברעכונג, א לאך, אן אויסהוילונג; א לעדיגער פלאץ, עטוואס וואס פעהלט אין מיטען.

lacu'nar *n. and a.* (לע-קיו'-נאר) א סופיט [סטעליע] וואס איז געמאכט ווי פון צונויפגעשטעלטע, טיעפע קעסטלעך; וואס איז שייך צו א פערטיעפונג; וואס האט פערטיעפונגען אדער אויסהוילונגען.

lacune' *n.* (לע-קיון') ז. *lacuna*

lacus'tral *a.* (לע-קאס'-טרעל) ז. *lacustrine*

lacus'trian *a. and n.* (לע-קאס'-טרי-ען) וואס איז שייך צו א לאנד=זעע אדער אזערע; וואס לעבט אויף אדער אין אזערעס; איינער וואס האט זיין וואהנונג אויף אן אזערע. ז. *lake-dweller*

lacus'trine *a.* (לע-קאס'-טרין) וואס איז שייך צו אן אזערע; וואס לעבט אין אדער אויף אן אזערע. ז. *lake-dweller*

la'cy *a.* (ליי'-סי) עהנליך צו שפיצען [איינזאץ, קרוזשעווע].

lad *n.* (לעד) א אינגעל, א בחור'על.

lad'anum *n.* (לעד'-ע-נאם) לאדאנום, וויירויך.

lad'der *n.* (לעד'-ער) א לייטער.

lad'der-bee'tle *n.* (לעד'-ער-ביעטל) אזא אמעריקאנער זשוק [ער האט זילבער=ווייסע פליגלען געשטרייפט אין גרין].

Ladder-beetle

lad'der-car'riage *n.* (לעד'-ער-קער'-עדזש) א וואגען, אויף וועלכען מען האלט די לייטערס וואס ווערען בענוצט פון פייער=לעשער.

lad'derway *n.* (לעד'-ער-הוויי) אן עפנונג איז א שאכטע צום ארויפגעהן און אראבגעהן מיט א לייטער.

lad'der-work *n.* (לעד'-ער-הוואירק) ארבייט געטהאן מיט דער הילף פון א לייטער [ווי ביים בויען אדער ביים פארבען ווענט].

lad'dess *n.* (לעד'-עס) א מיידעל [א הומאריסטישער אויסדרוק].

lad'die *n.* (לעד'-אי) א אינגעל; א בחור, א יונגערמאן; א געליעבטער.

lade *v. and n.* (לייד) לאדען; בעלאדען; איבערלאדען; אויסשעפען; אריינפליסען וואסער אין א שיף; א וואסער=קאנאל; אן אויסגוס פון א טייך [דער ארט, וואו א טייך גיסט זיך אריין אין א צווייטען טייך אדער אין ים].

la'den *a.* (ליידן) אנגעלאדען, בעלאדען. ז. *lade*

la'dies' man (ליי'-דיעז מען) א דאמען=פריינד.

la'ding *n.* (ליי'-דינג) לאדונג, פראכט.
The bill of lading reached us to-day.

lad'kin *n.* (לעד'-קין) א קליין אינגעל, א יונג בחור'על.

la'dle *n. and v.* (ליי'דל) א גרויסער, לאנגער לעפעל; א קאך=לעפעל; א שויפעל פון א וואסער=ראד; א לאדע=שויפעל [אזא שויפעל וואס ווערט געברויכט ביים אנלאדען א הארמאט]; שעפען מיט א קאך=לעפעל.

la'dle-board *n.* (ליי'דל-באורד) א שויפעל=ברעטעל פון א וואסער=ראד.

la'dleful *n.* (ליי'דל-פול) א פולער לעפעל.

ladrone' *n.* (לע-דראון') א רויבער, א גנב.

la'dy *n.* (ליי'-די) א מאדאם, א דאמע; א פרוי; די ווירטהין פון הויז.

La'dy *n.* (ליי'-די) א ליידי [א טיטול אין ענגלאנד פאר פרויען פון הויכען אדעל].

la'dybird *n.* (ליי'-די-בוירד) משה־רבינו'ס קיהעלע [אזא קליינע באבעלקע אדער זשוק מיט רויטע אויבערשטע פליגעל=דעקלעך וועלכע זיינען בעדעקט מיט שווארצע פינטעלעך].

Ladybird

la'dybug *n.* (ליי'-די-באג) ז. *ladybird*

la'dycow *n.* (ליי'-די-קאו) ז. *ladybird*

La'dy-day *n.* (ליי'-די-דיי) די אנקינדיגונג פון מאריען, יעזוס'עס מוטער, אז זי וועט געבארען יעזוס'ען [א קריסטליכער יום=טוב דעם 25טען מערץ]. ז. *Annunciation-day*

la'dy-fern *n.* (ליי'-די-פוירן) דער פרויען=פארן [אזא פלאנצע].

la'dyfly *n.* (ליי'-די-פלאי) ז. *ladybird*

la'dyhood *n.* (ליי'-די-הוד) דאמענטום, דער שטאנד און די אייגענשאפט פון א דאמע.

la'dy-kill'er *n.* (ליי'-די-קיל'-ער) א פרויען=הארץ=פאנגער, איינער וואס פערדרעהט אלע פרויען די קעפ [א הומאריסטישער אויסדרוק].
His good looks and good manners have made him a lady-killer.

la'dy-kill'ing *n.* (ליי'-די-קיל'-אינג) דאס פאנגען פרויען=הערצער, דאס פערדרעהען פרויען די קעפ.

la'dylike *a.* (ליי'-די-לאיק) ווי א דא=

מע; צארט, עדעל, גוט ערצויגען; פרויען־
עהנליך, שוואכליך [וועגען א מאן].

la'dy-love *n.* (לֵיי'־די־לאוו) א געליעב־
טע; ראמאנטישע ליעבע; ליעבע צו א
פרוי.

la'dy's-bed'straw *n.* (לֵיי'־דיז־בעד'־
סטראה) דאס געלבע לאבקרויט [אזא
פלאנצע].

la'dy's-bow'er *n.* (לֵיי'־דיז־באו'־ער)
די וואלדרעבע [אזעלכע גראזען און קוס־
טעס מיט ווייסליכע בליטהען].

la'dy's-comb *n.* (לֵיי'־דיז־קאום) די
ווענוס־קאם [אזא אייראפעאישע פלאנצע
מיט קליינע ווייסע בליטהען, וואקסט אויף
בעארבייטע פעלדער. די פרוכט פון דיע־
זער פלאנצע האט שארפע, לאנגע שפיצען,
וועלכע דערמאנען אן די צייהנער פון א
קאם].

la'dy's-cush'ion *n.* (לֵיי'־דיז־קוש'־
אן) די ים־קישען [אזא ים־פלאנצע מיט
א קישען־פערמיגען אנוואוקס].

la'dy's-fin'ger *n.* (לֵיי'־דיז־פינ'־גער)
א געוויסער זארט עפעל; וואונד־קלעע
[אזא גראז].

la'dy's-hair *n.* (לֵיי'־דיז־העהר) דאס
ציטער־גראז [אזא פלאנצע].

la'dyship *n.* (לֵיי'־די־שיפ) דער טיטול
און שטאנד פון אן אדעליגער דאמע.

la'dy's-maid *n.* (לֵיי'־דיז־מייד) א
קאמער־מיידעל, א פאקאיאווע ביי א דאמע.

la'dy's-man'tle *n.* (לֵיי'־דיז־מענ'טל)
דער פרויען־מאנטעל [אזא ביטער גראז,
ווערט געברויכט אין מעדיצין].

la'dy's-seal *n.* (לֵיי'־דיז־סיעל) דער
שמערווארצעל [אזא קלעטערענדע פלאנצע
מיט גרינליך־ווייסע בליטהען און רויטע
יאגדעס].

la'dy's-slip'per *n.* (לֵיי'־דיז־סליפ'־
ער) דער פרויען־שוך [א מין ארכידעען־
פלאנצע. די ווארצלען ווערען געברויכט
אין מעדיציין אלס מיטעל געגען ספאזמען
און נערוועזיטעט].

la'dy's-smock *n.* (לֵיי'־דיז־סמאק) די
וויעזענקרעסע אדער די וויעזען־שוימקרויט
[אזא פלאנצע].

la'dy's-tress'es *n.* (לֵיי'־דיז־טרעס'־
עז) דער זומער־דרעהלינג [אזא ארכי־
דעען־פלאנצע מיט ווייסע בלימעלעך].

lag *a., v. and n.* (לעג) לעצט, צוריק־
געבליבען; צוריקבלייבען; צענגערען;
ארעסטירען, בעשטראפען; א פערצעגע־
רונג אדער פערהאלטונג פון דער בעווע־
גונג פון א געוויסען מאשינען־טייל; די
צאהל מאל וואס אזא בעוועגונג ווערט
פערהאלטען אדער פערצעגערט; א שמאל
האלץ־ברעטעל וואס ווערט בענוצט פאר
פערשיעדענע צוועקען, ווי אלס א טייל
פון א ראהם, דעק א. ד. ג.

la'gan *n.* (לֵיי'־גען) א זאך וואס איז
געזונקען אין ים, אבער צוגעבונדען צו
וועלכען עס איז שווימענדען געגענשטאנד
אום זי צו קענען געפינען.

lag'-bel'lied *a.* (לעג'־בעל'־איד) מיט
אן אראבהענגענדען בויך.

la'ger *n.* (לא'־גער) ביער [ביער (לאַ־
לאגער־ביער [ביער וואס מען לאזט
וואס ענטהאלט ווענינ האפען.
עס לאנגזאם איהרען ביי א נידריגער
טעמפעראטור].

la'ger-beer *n.* (לא'־גער־ביער)
ז. **lager**.

lag'gard *a. and n.* (לעג'־ארד)
1. לאנג־זאם; צוריקבלייבענד, בלייבענד הינטער־
שטעליג; 2. א פוילער, א לאנגזאמער;
א לעדיגגעהער: איינער וואס פערשפע־
טינט אדער פערזאמט.

1. ...
2. The schools contain many **laggards** who fail to be promoted.

lag'ger *n.* (לעג'־ער) א פוילער, א לע־
דיגגעהער; א לאנגזאמער; איינער וואס
פערזאמט אדער פערשפעטיגט.

lag'ging *n.* (לעג'־אינג) א לאנגזאמע בע־
וועגונג; א פערצעגערונג אדער פערהאל־
טונג פון א בעוועגונג; א שמאל האלץ־
ברעטעל וואס ווערט בענוצט פאר פער־
שיעדענע צוועקען, ווי אלס א טייל פון
א ראהם, דעק א. ד. ג.

lag'gingly *adv.* (לעג'־אינג־לי) פער־
צעגערענדיג, פערזאמענדיג, פערשפעטי־
גענדיג; צוריקבלייבענדיג.

lagnappe' *n.* (לען־יעפ') א קליינער
ארטיקעל אדער געגענשטאנד וואס מען
דערלעגט אומזיסט אין א געשעפט, ווען
מען קויפט דארטען עטוואס; א פרעזענט
וואס ווערט געגעבען פון א געשעפט צו א
קונד.

lagoon' *n.* (לע־גוהן') א לאגונע, א ניט
טיעפע אזערע, א פרוד; א פלאה, שטיל־
שטעהענד וואסער; א פלאכע, בלאטיגע
געגענד.

lagophthal'mia *n.* (לעג־אפ־טהעל'־
מי־א) א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס
אין ניט קענען צומאכען דאס אויג.

lagophthal'mic *a.* (לעג־אפ־טהעל'־
מיק) וואס איז שייך צו דער קראנקהייט,
וועלכע דריקט זיך אויס אין ניט קענען
צומאכען דאס אויג.

lagop'odus *a.* (לע־גאפ'־א־דאס) וואס
די פיס זיינען געדיכט בעוואקסען מיט
לאנגע האר אדער פעדערען.

lagune' *n.* (לע־גוהן') ז. **lagoon**.

la'ic *a. and n.* (לֵיי'־איק) וועלטליך, ניט
גייסטליך; ניט פראפעסיאנעל; א וועלט־
ליכער [ניט קיין גייסטליכער]; ניט קיין
ספעציאליסט; א ניט פראפעסיאנעלער.
ז. **laity**.

la'ical *a.* (לֵיי'־אי־קעל) וועלטליך, ניט
גייסטליך; ניט פראפעסיאנעל. ז. **laity**.

laid *a.* (לייד) געלעגט, אוועקגעלעגט,
אומגעווארפען; געדריקט; ארונטערגע־
דריקט. ז. **lay**.

laid-by' *a.* (לייד־באי') וואס ליעגט צו
בעט; אין קינפעט.

laid pa'per (לייד פיי'־פער) געשטרייפט
פאפיער [מיט וואסער־שטרייפען].

lain (ליין) ז. **lie**. געלעגען, ליעגענד.
The hat has **lain** on the floor for some time.

lair *n.* (לעהר) א לאגער, א רוה־ארט [פון
חיות].

laird *n.* (לעהרד) א לארד, א גוטס־בעזי־
צער [אין שאטלאנד].

La'ism *n.* (לֵיי'־איזם) ז. **Lamaism**.

lais'ser-faire' *n.* (לעס'־איי־פעהר')
דאס צו־רוה לאזען, דאס לאזען געהן ווי
עס געהט; דאס ניט אריינמישען זיך פון
שטאאט אין דעם פערזענליכען לעבען און
אין די עקאנאמישע בעציהונגען פון די
בירגער; די טעאריע, אז וואס ווייניגער
א שטאאט מישט זיך אין דעם פריוואטען
לעבען פון די בירגער, אלץ בעסער איז עס.

lais'sez-faire' *n.* (לעס'־איי־פעהר')
ז. **laisser-faire**.

la'ity *n.* (לֵיי'־אי־טי) 1. וועלטליכע
מענשען, ניט קיין גייסטליכע; 2. ניט קיין
פראפעסיאנעלע [אזעלכע וואס אינטע־
רעסירען זיך מיט אן אינטעליגענטער
פראפעסיאן, זיינען אבער ניט קיין ספע־
ציאליסטען].

1. The **laity** is ready to follow the bishop in his plans. 2. An intelligent **laity** is helpful to the specialist in any profession.

lake *n.* (לייק) א לאנד־זעע [אזערא]; א
לאק, רויטע לאקפארב.

lake'-ba'sin *n.* (לייק'־ביי־סין) דער בא־
סיין פון אן אזערא, דער שטח וואס אן
אזערא פערנעהמט, די געגענד, דורך וועל־
כער עס שטראמען די וואסערען וואס פא־
לען אריין אין אן אזערא.

lake'-bass *n.* (לייק'־בעס) א בארש
אדער אקון [אזא פיש].

lake'-dis'trict *n.* (לייק'־דיס'־טריקט)
דער זעע־בעצירק אין ענגלאנד [קומבער־
לאנד, וועסטמארלאנד און לאנקאשיר].

lake'-dwell'er *n.* (לייק'־דהוועל'־ער)
אן אזערא־איינוואהנער [איבערהויפט פון
די אורזאלטע צייטען. די וואהנונגען פלע־
גען געבויט ווערען אין מיטען אזערא אויף
סלופעס].

lake'-dwell'ing *n.* (לייק'־דהוועל'־
אינג) א וואהנונג אויף אן אזערא [לאנד־
זעע]. ז. **lake-dweller**.

lake'-fe'ver *n.* (לייק'־פיע'־ווער) מא־
לאריא [זומפ־פיבער].

lake'-fly *n.* (לייק'־פלאי) אן אינזעקט
וואס געפינט זיך אין מאסען אין מאנאט
יולי אין די געגענדען פון די גרויסע אזע־
ראס אין נארד־אמעריקא [די אזעראס:
סופיריאר, מישיגאן, הוראן, אירי און
אנטאריא].

lake'let *n.* (לייק'־לעט) א קליינער זעע,
א קליינע אזערא.

lake'-po'ets *n.* (לייק'־פאו'־עטס) די
זעע־דיכטער. ז. **Lake School**.

La'ker *n.* (לֵיי'־קער) א זעע־דיכטער
ז. **Lake School**.

Lake School (לייק סקוהל) די זעע־
פאעטען [א גרופע ענגלישע דיכטער, צו
וועלכע עס בעלאנגען ווארדסווארטה, קאל־
רידזש און סאוטהיי. דער נאמען שטאמט
דערפון וואס זיי האבען געוואהנט אין דעם
זעע־דיסטריקט אדער געהאט א שייכות מיט
דעם זעע־דיסטריקט אין ענגלאנד, דאס
הייסט, קומבערלאנד, וועסטמארלאנד און
לאנקאשיר].

lake'-vil'lage *n.* (לייק'־וויל'־עדזש)
א דארף וואס איז געבויט אויף אן אזע־
רא [לאנד־זעע]. ז. **lake-dweller**.

La'kist *n.* (לֵיי'־קיסט) א זעע־דיכ־
טער. ז. **Lake School**.

la'ky *a.* (לֵיי'־קי) עהנליך צו א לאנד־
זעע [אזערא]; וואס איז שייך צו אן
אזערא.

lalla'tion *n.* (לע־לֵיי'־שאן) דאס אויס־
רעדען די "ר" ווי א "ל".

la'lo *n.* (לֵיי'־לאו) א באאבאב, אן אפענ־
ברויטבוים. ז. **baobab**.

lalop'athy *n.* (לע־לאפ'־ע־טהי) שטע־
רונג אין דער שפראך־פונקציאן [ווי א
כבד פה א. ד. ג.].

la'ma *n.* (לא'־מא) א לאמא [א גייסט־
ליכער ביי די בודיסטען אין טיבעט, ווי
אויך ביי די מאנגאלען און קאלמיקען];
א קעמעל־ציגע [אזא חיה עהנליך צו א
קעמעל מיט ווייכע לאנגע האר]; א זיי־
דען־שטאף דורכגעוועבט מיט גאלד־פע־
דים.

la'maic *a.* (לא'־מא־איק) וואס איז שייך
צו א לאמא [א בודיסטישער גייסטלי־
כער אין טיבעט].

La'maism *n.* (לא'־מא־איזם) דער לא־
מאאיזם, א געוויסע פארם פון דער בו־

דיסטישער רעליגיאן, וועלכע איז האלב פאליטיש, האלב רעליגיעז, און טיבעט און מאנגאליען.

La'maist *n.* (לא'-מא-איסט) א לאמאאיסט, אן אנהענגער פון לאמאאיזם. ז. *Lamaism*

Lamais'tic *a.* (לא-מא-איס'-טיק) לאמאאיסטיש, וואס איז שייך צום לאמאאיזם.

La'maite *n.* (לא'-מא-איט) ז. *Lamaist*

laman'tin *n.* (לע-מענ'-טין) די ים־קוה [אזא זויגענדע ים־חיה]. ז. *manatee*

Lamarck'ian *a.* (לע-מארק'-אי-ען) וואס איז שייך צו דעם פראנצויזישען נאטור־פארשער לאמארק [געבארען אין יאהר 1744, געשטארבען 1892. לאמארק איז געווען דער ערשטער בעגרינדער פון דער עוואלוציאנס־טעאריע, וועלכע איז שפעטער אויסגעבויט און ענטוויקעלט געווארען פון דארווין].

Lamarck'ianism *n.* (לע-מארק'-אי-ען-איזם) ז. *Lamarckism*

Lamarck'ism *n.* (לע-מארק'-איזם) די עוואלוציאנס־טעאריע פון דעם פראנצויזישען נאטור־פארשער לאמארק, וועלכע בעהויפטעט, אז די פערשיעדענע העכערע מינים פון חיות און פלאנצען שטאמען אב פון נידריגע און פרימיטיווע מינים.

lamb *n. and v.* (לעם) א לאם; א יונג שעפעלע; א נעבעכעל; אן אונפראקטישער ספעקולאנט אדער שפיעלער וואס פערלירט געלד; זיך שעפסלען [האבען שעפסלעך].

lamb'-ale *n.* (לעמ'-אייל) א דארפישער יום־טוב אין דער צייט ווען מען שערט די שאף.

lambaste' *v.* (לעמ-בייסט') גוט אנברעכען די ביינער, אריינקאטעווען מיט א שטריק.

lam'bency *n.* (לעמ'-בענ-סי) שימערירונג; דאס פליסען אדער לייכט פאריבערלויפען. ז. *lambent*

lam'bent *a.* (לעמ'-בענט) פליסענד אדער לויפענד לייכט אויף אן אויבערפלעכע ווי מען וואלט זי לעקען [ווי א פלאם פייער, וואס פערשפרייט זיך]; פליהענד; שימערענד, לייכט אדער זאנפט שטראהלענד.

lamb'kin *n.* (לעמ'-קין) א לעמעלע; א קינד וואס ווערט געצערטעלט, א ליעבלינג.

lamb'like *a.* (לעמ'-לאיק) ווי א לאם; געלאסען, זאנפט.

lamb'ling *n.* (לעמ'-לינג) א לעמעלע; א נאר, א שוטה.

Lamb of God (לעם אוו גאד) גאט'ס לעמעלע [אלס נאמען פאר יעזוס קריסטוס].

lam'boys *n.* (לעמ'-באיז) אזא פאנצער־קליידעל וואס פארצייטיגע קריעגער פלעגען טראגען.

lamb'skin *n. and v.* (לעמ'-סקין) לאם־פעל, לאם־לעדער, שעפסען־פעל; א פעל פון א לאם; "שינדען די פעל" [שלאגען].

lamb's'-let'tuce *n.* (לעמז'-לעט'-איס) דער פעלד־סאלאט [אזא פלאנצע].

lamb's'-quar'ters *n.* (לעמז'-קהוואהר'-טערז) דער ווייסער גענזען־פוס [אזא גראז מיט ווייסליכע בליטהען].

lamb's'-tongue *n.* (לעמז'-טאנג) דער ווייסער וועגעריך [אזא גראז־פלאנצע מיט ברייטע פלאכע בלעטער, וועלכע וואקסען ארויס גלייך פון ווארצעל]; א טישלער־הובעל מיט א שמאלען צונג־פערמיגען הובעל־קלינג.

lamb's'-wool *n.* (לעמז'-הוואול) לעמער־וואל; זיס ביער מיט געבאקטע עפעל.

lame *a. and v.* (ליים) פערהינקעדיג; פערקריפעלט; געלעהמט; ניט פאלקאמען; מיט א מום; מאכען פאר א קאליקע, מאכען הינקעדיג; פערקריפלען.

lame duck (ליים דאק) 1. אן אנזעצער; אן אונראיעלער בערזען־ספעקולאנט; 2. אן אויסגעשפיעלטער מענש.

2. The senator is a **lame duck.** He failed to be reelected.

lame excuse' (ליים עקס-קיוז') א פוילער תירוץ.

lam'el *n.* (לעמ'-על) ז. *lamella*

lamel'la *n.* (לע-מעל'-א) א לאמעלא, א דינע פלאטע, א בלעטעל, א בלעכעל.

lamel'læ *n.* (לע-מעל'-אי) לאמעלען, דינע פלאטען, בלעטלעך, בלעכלעך.

lam'ellar *a.* (לעמ'-ע-לאר) לאמעלירט, צונויפגעשטעלט פון לאמעלען [דינע פלאטען אדער בלעטלעך], בלעטערדיג; איבערגעלעגט ווי א בלאט אויף א בלאט.

lam'ellarly *adv.* (לעמ'-ע-לאר-לי) אין א לאמעלירטער פארם [דינע פלאטען אדער בלעטלעך איינע אויף די אנדערע].

lam'ellate *a.* (לעמ'-ע-לייט) ז. *lamellar*

lam'ellated *a.* (לעמ'-ע-ליי-טעד) ז. *lamellar*

lamel'libranch *a.* (לע-מעל'-אי-ברענק) ז. *lamellibranchiate*

Lamellibranchia'ta *n.* (לע-מעל-אי-ברענ-קי-איי'-טא) א מין מאלוסקעלען אהן קעפ, וועלכע האבען זייערע אטהעמונגס־ארגאנען אין די זייטען פון קערפער אין דער פארם פון א בלעטעל אדער דעקעל, וואס עפענט זיך און פערמאכט זיך.

lamellibran'chiate *a.* (לע-מעל-אי-ברענ'-קי-אייט) וואס האט דעקעל אדער בלעטעל־פערמיגע אטהעמונגס־ארגאנען [וועגען געוויסע מאלוסקעלען]. ז. *Lamellibranchiata*

lamellif'erous *a.* (לעמ-ע-ליפ'-ע-ראס) ז. *lamellar*

lamel'liform *a.* (לע-מעל'-אי-פארם) לאמעלען־פערמיג, בלעטער־פערמיג, וואס האט די פארם פון דינע פלאטען.

lam'ellose *a.* (לעמ'-ע-לאוס) לאמעלירט, בלעטערדיג, געבלעטערט.

lame'ly *adv.* (ליימ'-לי) אזוי ווי א געלעהמטער; אזוי ווי א הינקעדיגער אדער ווי א קריפעל; מיט א מום; ניט פאלקאמען; שוואך.

lame'ness *n.* (ליימ'-נעס) לעהמונג, געלעהמטקייט; דאס הינקען, דאס זיין פערקריפעלט; הינקעדיגקייט; דאס זיין מיט א מום; אונפאלקאמענהייט; שוואכקייט.

lament' *n. and v.* (לע-מענט') 1. א קלאג, א יאמער; א קלאג־ליעד; בעיאמערען, בעקלאגען; 2. יאמערען, קלאגען; טרויערען.

1. The poet composed a **lament** on the death of his friend. 2. We **lament** the death of our friends.

lam'entable *a.* (לעמ'-ענ-טעבל) קלעגליך, יאמערליך; יאמערפול; מיזעראבעל.

lam'entableness *n.* (לעמ'-ענ-טעבל-נעס) קלעגליכקייט, יאמערליכקייט; א קלעגליכער צושטאנד.

lam'entably *adv.* (לעמ'-ענ-טע-בלי) אויף א קלעגליכען אדער יאמערליכען אופן; צו בעקלאגען; יאמערפול.

lamenta'tion *n.* (לע-מענ-טיי'-שאן) דאס בעקלאגען, דאס בעיאמערען; א קלאג, א יאמער.

lamen'ter *n.* (לע-מענ'-טער) א יאמערער, א בעקלאגער.

lamen'tingly *adv.* (לע-מענ'-טינג-לי) מיט קלאג, מיט יאמער; בעקלאגענדיג, בעיאמערענדיג.

lame rimes (ליים ראימז) הינקעדיגע גראמען.

lamet'ta *n.* (לע-מעט'-א) א דין בלעטעל אדער דראט פון גאלד, זילבער אדער קופער.

la'mia *n.* (ליי'-מי-א) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די לאמא [א מכשפה וואס בע'כשופ'ט קינדער און זויגט אויס זייער בלוט]; א העקסע, א מכשפה.

lam'ina *n.* (לעמ'-אי-נא) א דינע פלאטע; א בלעכעל; א בלעטעל.

laminabil'ity *n.* (לעמ-אי-נע-ביל'-אי-טי) דאס האבען די אייגענשאפט אויסגעהאמערט אדער אויסגעוועלגערט צו ווערען אין א דינער פלאטע אדער בלאט.

lam'inable *a.* (לעמ'-אי-נעבל) וואס קען אויסגעהאמערט אדער אויסגעוועלגערט ווערען אין א דינער פלאטע אדער בלאט.

lam'inæ *n.* (לעמ'-אי-ניע) דינע פלאטען, בלעכלעך, בלעטלעך, שיכטען.

lam'inal *a.* (לעמ'-אי-נעל) ז. *laminar*

lam'inar *a.* (לעמ'-אי-נאר) וואס בעשטעהט פון דינע פלאטען אדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inary *a.* (לעמ'-אי-נע-רי) ז. *laminar*

lam'inate *v. and a.* (לעמ'-אי-נייט) צוטיילען אין פלאטען אדער בלעטער; פארמירען אין פלאטען אדער בלעטער; זיך טיילען אין פלאטען אדער בלעטער; וואס האט די פארם פון א פלאטע אדער בלאט; וואס בעשטעהט פון פלאטען אדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inated *a.* (לעמ'-אי-ניי-טעד) וואס האט די פארם פון א פלאטע אדער בלאט; וואס בעשטעהט פון פלאטען אדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inating-machine' *n.* (לעמ'-אי-ניי-טינג-מע-שין') א וואלץ־מאשין [א מאשין צו מאכען מעטאל־פלאטען].

lam'inating-roll'er *n.* (לעמ'-אי-ניי-טינג-ראול'-ער) איינער פון די וואלצען אין א וואלץ־מאשין.

lamina'tion *n.* (לעמ-אי-ניי'-שאן) דאס זיין געבלעטערט; דאס אויסוועלגערען אין פלאטען אדער אין בלעטער; דאס זיין געטיילט אין דינע שיכטען ווי בלעטער [וועגען פעלזען].

lam'iniform *a.* (לעמ'-אי-ני-פארם) פלאטען־פערמיג, בלאט־פערמיג.

lam'inose *a.* (לעמ'-אי-נאוס) ז. *laminiform*

la'mish *a.* (ליי'-מיש) א ביסעל געלעהמט, עטוואס הינקעדיג.

la'miter *n.* (ליי'-מי-טער) א קאליקע, א בעל־מום.

Lam'mas *n.* (לעמ'-עס) פעטרוס'עס קייטען־פייערטאג [א קריסטליכער יום־טוב דעם 1טען אויגוסט צום אנדענקען פון דעם נס, דורך וועלכען דער הייליגער פעטרוס איז בעפרייט געווארען פון געפענגניס]; דער טאג פון ווייץ־שניט וואס פלעגט אמאל געפייערט ווערען אין ענג־

לאנד לויט דעם אלטען קאלענדאר דעם 1טען אויגוסט [דער 13טער אויגוסט].

Lam'mas-day *n.* (לעמ'-עס-דיי) דער האלב קווארטאל=טאג אין ענגלאנד אדער דער קווארטאל=טאג אין שאטלאנד [דער 1טער אויגוסט אלס דער אנהויב פון א פיערטעל אדער האלב=פיערטעל יאהר].

lam'mas-land *n.* (לעמ'-עס-לענד) אין ענגלאנד — לאנד וואס ווערט געהאלטען און בעארבייט פון פריוואט=פערזאנען, נאר נאך שניט=צייט ווערט עס בענוצט פאר קהל'שע פיטערנים.

lam'mergeier *n.* (לעמ'-ער-גאי-ער) דער לעמער=גייער [א גרויסער רויב=פייגעל, וואס געפינט זיך אין די בערג פון זיד=אייראפא, אזיען און נארד=אפריקא].

lamp *n.* (לעמפּ) א לאמפ, א לאנטערנע; עטוואס וואס לייכט.

lam'padary *n.* (לעמ'-פּע-דע-רי) אן אנגעשטעלטער אין דער גריכיש=קאטוילי=שער קירך, וועלכער האט די אויפזיכט אויף די קירכען=לאמפּען.

lampaded'romy *n.* (לעמ-פּע-דעד'-ראַ-מי) א וועט=לויף מיט פאקעלען אין אלטען גריכענלאנד.

lam'pas *n.* (לעמ'-פּעס) אזא קאלירטער וואלען אדער זיידען=שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעשלאגען מעבעל און פאר אנדערע דעקאראציאנס=צוועקען.

lam'pass *n.* (לעמ'-פּעס) ז. *lampers*.

lamp'black *n.* *and* *v.* (לעמפּ'-בלעק) רום, סאזשע; בעדעקען מיט סאזשע.

lamp'-bur'ner *n.* (לעמפּ'-בויר'-נער) דער ברענער פון א לאמפּ.

lamp'-chim'ney *n.* (לעמפּ'-טשימ'-ני) א לאמפּ=צילינדער, א לאמפּ=גלאז.

lamp'-cone *n.* (לעמפּ'-קאון) א קאלפּאק איבער א קעראסין=לאמפּ.

lam'per *n.* (לעמ'-פּער) א לאמפּען=פוצער.

lam'per-eel *n.* (לעמ'-פּער-איעל) די לאמפּרעטע אדער נייןאויגען=פיש [אזא שלאנגען=עהנליכער פיש, ווי דער אאל=פיש]. ז. *lamprey*.

lam'pers *n.* (לעמ'-פּערז) א געשווילעכץ אויף דעם גומען פון א פערד.

lamp'-fur'nace *n.* (לעמפּ'-פויר'-נייס) אן אויווען וועלכער ווערט געהייצט דורך א לאמפּ.

lamp'-glass *n.* (לעמפּ'-גלעס) ז. *lamp-chimney*.

lamp'-globe *n.* (לעמפּ'-גלאוב) א קאלפּאק פון א לאמפּ.

lamp'-hour *n.* (לעמפּ'-אור) די לאמפּען=שטונדע [די עלעקטרישע ענערגיע וואס איז נויטיג צו לאזען לייכטען אן עלעקטריש לעמפּעל א שטונדע צייט. ווערט אפט געברויכט אלס פּראקטישע עלעקטרישע איינהייט ביי בעלייכטונג].

lam'pion *n.* (לעמ'-פּי-אן) א קליין לעמפעל וואס ווערט בענוצט פאר אילומינאציאנס=צוועקען.

lam'pist *n.* (לעמ'-פּיסט) א לאמפּען=מאכער.

lam'pistry *n.* (לעמ'-פּיס-טרי) לאמפּען=פאבריקאציאן.

lamp'light *n.* (לעמפּ'-לאיט) די ליכט פון א לאמפּ, א לאמפּ=בעלייכטונג.

lamp'lighter *n.* (לעמפּ'-לאי-טער) א לאמפּען=אנצינדער, איינער וואס צינדט אן די גאסען=לאנטערנעם; א פאקעל מיט וועלכען מען צינדט אן די גאסען=לאנטערנעם.

lamp'-ma'ker *n.* (לעמפּ'-מיי'-קער) א לאמפּען=מאכער.

lampoon' *n.* *and* *v.* (לעמ-פּוהן') א פּאסקוויל; א שפּאט=שריפט, א סאטירע אויף אימעצען; שרייבען פּאסקווילען אדער סאטירען אויף אימעצען.

lampoo'ner *n.* (לעמ-פּוה'-נער) א פּאסקווילען=שרייבער; א שרייבער פון סאטירען.

lampoon'ry *n.* (לעמ-פּוהנ'-רי) פּאסקווילען=שרייבעריי, סאטירען=שרייבעריי.

lamp'-post *n.* (לעמפּ'-פּאוסט) א לאנטערנע=סלופּ.

lamp'-pru'ner *n.* (לעמפּ'-פּרוה'-נער) א געצייג אבצושנייצען דעם קנויט פון א לאמפּ.

lam'prey *n.* (לעמ'-פּרי) די לאמפּרעטע [אזא לאנגער רונדער פיש עהנליך צו אן אאל].

Lamprey

lam'protype *n.* (לעמ'-פּראַ-טאיפּ) א פאטאגראפיע וואס איז בעצויגען מיט קאַלאדיום און זשעלאטין.

lamp'-shade *n.* (לעמפּ'-שייד) א לאמפּ=שירם, א לאמפּ=קאלפּאק.

lamp'-stand *n.* (לעמפּ'-סטענד) א לאמפּ=געשטעל, א פוס פון א לאמפּ.

lamp'-stove *n.* (לעמפּ'-סטאווו) א לאמפּ=אויוועלע [אן אויוועלע וואס ווערט געווארעמט דורך א ברענענדען קנויט ווי פון א לאמפּ].

lamp'-wick *n.* (לעמפּ'-הוויק) א לאמפּען=קנויט.

la'nary *n.* (ליי'-נע-רי) א וואל=לאגער, א פּלאץ, וואו מען האלט וואל.

la'nate *a.* (ליי'-נייט) וואליג, בעדעקט ווי מיט וואל.

la'nated *a.* (ליי'-ניי-טעד) ז. *lanate*.

lance *n.* *and* *v.* (לענס) 1. א לאנצע, א פּיקע, א לאנגע שפּיעז; 2. אריינשטעכען, שטעכען, דורכשטעכען; דורכשניידען מיט א לאנצעט [אן אפּעראציאנס=מעסערעל].

2. The doctor was obliged to **lance** the abscess.

lance'-buck'et *n.* (לענס'-באק'-עט) דער לאנצען=שוך [א פארריכטונג אונטערצוהאלטען א לאנצע אדער פּיקע].

lance'-cor'poral *n.* (לענס'-קאר'-פּאַ-רעל) א צייטווייליגער קארפּאראל אין מיליטער [איינער וואס קריעגט בלויז אויף א צייט דעם ראנג פון א קארפּאראל און פערטרעט צייטווייליג דאס אמט פון א קארפּאראל].

lance'-head *n.* (לענס'-העד) דער שפּיץ פון א לאנצע אדער פּיקע.

lance in rest (לענס אין רעסט) די וואפען אין רוה.

lan'ceolar *a.* (לענ'-סי-או-לאר) שפּיעז=פערמיג, פערשפּיצט [וועגען בלעטער].

lan'ceolate *a.* (לענ'-סי-א-לייט) לאנצען=פערמיג, שפּיעז=פערמיג [הויפּטזעכליך וועגען פלאנצען].

lan'ceolated *a.* (לענ'-סי-א-ליי-טעד) ז. *lanceolate*.

lan'ceolated win'dow (לענ'-סי-א-ליי-טעד הווינ'-דאו) ז. *lancet-window*.

lan'cer *n.* (לענ'-סער) אן אולאן, א רייטענדער סאלדאט בעוואפענט מיט א לאנצע אדער פּיקע.

lan'cers *n.* (לענ'-סערז) א לאנסיי, [אזא טאנץ]; מוזיק פאר א לאנסיי.

lance'-shaped *a.* (לענס'-שייפּט) ז. *lanceolate*.

lancé'-stitch *n.* (לענ-סיי'-סטיטש) לאנסיי=שטעך [אין האפטען אדער אויסנעהען].

lan'cet *n.* (לענ'-סעט) א לאנצעט [אן אפּעראציאנס=מעסערעל]; א שפּיצבויגען, א פערשפּיצטער געוועלב; א שמאל, לאנג, רונד=געוועלבט פענסטער.

lan'cet-arch *n.* (לענ'-סעט-ארטש) א שפּיצבויגען, א געוועלב וואס איז פערשמעלט פון אויבען.

Lancet-arch

lan'cet-win'dow *n.* (לענ'-סעט-הווינ'-דאו) א שמאל, לאנג, רונד=געוועלבט פענסטער, עטוואס פערשפּיצט פון אויבען.

lanch *v.* *and* *n.* (לאנטש) ז. *launch*.

lan'ciers *n.* (לענ'-סיערז) ז. *lancers*.

lan'ciform *a.* (לענ'-סי-פּארם) ז. *lanceolate*.

lan'cinate *v.* (לענ'-סי-נייט) צורייסען; פעראורזאכען א שארפען צופּענדען וועהטאג.

lan'cinating pain (לענ'-סי-ניי-טינג פּיין) א שארפער, רייסענדער וועהטאג.

lancina'tion *n.* (לענ-סי-ניי'-שאן) צורייסונג; א שארפער, רייסענדער וועהטאג.

land *n.* *and* *v.* (לענד) לאנד, גרונד=אייגענטום; באדען; א לאנד; יבשה; לאנדען; צוקומען צו לאנד; אנקומען, זיך אבשטעלען.

land'-a'gent *n.* (לענד'-איי'-דזשענט) אן אגענט פון גיטער; א פערוואלטער פון א מאיאנטעק.

lan'dau *n.* (לענ'-דאה) א לאנדא [א מין קארעטע].

Landau

landaulet' *n.* (לענ-דאה-לעט') א קליינע לאנדא [אזא קארעטע] מיט איין זיץ.

land'-bank *n.* (לענד'-בענק) אן אגראר=באנק [א באנק וואס מאכט הלוואות אויף לאנד=אייגענטום].

land'-blink *n.* (לענד'-בלינק) אן אבגלאנץ פון שנעע אין דער לופט [אין די פּאלאר=געגענדען].

land'-bred *a.* (לענד'-ברעד) היעגע, היימיש, אינלענדיש; ערצויגען אין א דארף.

land'-breeze *n.* (לענד'-בריעז) א לאנד=ווינד [א ווינד וואס בלאזט פון ברעג צום ים=צו].

land'-cape *n.* (לענד'-קייפּ) א קאפּ, א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפּיץ אין ים.

land'-car'riage *n.* (לענד'-קער'-עדזש) דער לאנד=טראנספּארט; דאס טראנס=

פארטירען אדער פיהרען מיט דער יבשה; לאנד=טראנספארט געלד [פוהר=געלד].

land'-chain *n.* (לענד'-טשיין) א מעסט=קייט [צום מעסטען לאנד].

land'-crab *n.* (לענד'-קרעב) א לאנד=קרעבס, א לאנד=ראק [וואס לעבט טיילווייז אויף דער יבשה].

Land-crab

land'-drai'nage *n.* (לענד'-דריי'-נעדזש) דאס טרוקען מאכען לאנד; דאס אויסטריקענען זומפען.

lande *n.* (לענד) א פלאכע זאמדיגע געגענד וואס איז אונמעגליך צו בעארבייטען [הויפטזעכליך די שטרעקע לאנד ביים ים=ברעג אין דעם זיד=וועסטליכען טייל פון פראנקרייך].

lan'ded *a.* (לענ'-דעד) וואס בעשטעהט פון לאנד, וואס בעשטעהט פון גרונד=אייגענטום; וואס בעזיצט גרונד=אייגענטום.

lan'ded estates' (לענ'-דעד עס-טייטס') גרונד=אייגענטום.

lan'ded gen'try (לענ'-דעד דזשענ'-טרי) די גרונד=בעזיצער; דער קלאס קלענערע גרונד=בעזיצער.

lan'ded in'terests (לענ'-דעד אינ'-טער-עסטס) די אינטערעסען פון די ערד=בעזיצער; דער איינפלוס פון די ערד=בעזיצער; דער אינטערעס אין גרונד=אייגענטום.

lan'der *n.* (לענ'-דער) איינער וואס לאנדעט; אין שאכטען — איינער וואס שטעהט ביי דער עפנונג און נעהמט איבער די לאדונג וואס ווערט ארויפגעבראכט.

land'fall *n.* (לענד'-פאהל) אן ערד=שטורץ [דאס אבברייסען זיך און פאלען פון א מאסע ערד אדער שטיינער פון א בארג]; ירושה פון גיטער; דאס דערבליקען צום ערשטען לאנד אדער דאס דערנעהענטערען זיך צו לאנד [פון א שיף]; דאס לאנד צו וועלכען א שיף דערנעהנטערט זיך.

land'-flood *n.* (לענד'-פלאד) אן איבערשוועמונג, א פערפלייצונג.

land'-grab'ber *n.* (לענד'-גרעב'-ער) א לאנד=פערכאפער [איינער וואס פערנעהמט פרעמד אדער קהל'ש לאנד אויף אן אונעהרליכען אופן]; אין אירלאנד — איינער וואס קויפט אדער דינגט לאנד וואס מען האט אוועקגענומען ביי א צווייטען.

land'-grab'bing *n.* (לענד'-גרעב'-אינג) דאס פערכאפען לאנד אויף אן אונעהרליכען אופן. ז. *land-grabber*

land'graff *n.* (לענד'-גרעף) א לאנד=גראף. ז. *landgrave*

land'grave *n.* (לענד'-גרייוו) א לאנד=גראף [א הויכער טיטול אין דייטשלאנד].

landgra'viate *n.* (לענד-גריי'-ווי-אייט) לאנדגראפשאפט; דאס אמט, די מאכט אדער די טעריטאריע פון א לאנד=גראף. ז. *landgrave*

land'gravine *n.* (לענד'-גרע-ווין) א לאנדגרעפין. ז. *landgrave*

land'holder *n.* (לענד'-האול-דער) א לאנד=האלטער, א גוטס=בעזיצער.

land'-hun'ger *n.* (לענד'-האנ'-גער) לאנד=הונגער [זשעדנעקייט צו ערוואַרבען לאנד].

land'-hun'gry *a.* (לענד'-האנ'-גרי) זשעדנע נאך לאנד=ערוואבערונגען.

land'-ice *n.* (לענד'-איס) א שטרעקע אייז אין דער לענג פון ברעג.

lan'ding *n.* (לענ'-דינג) 1. דאס לאנדען; לאנדונג; לאנדונגס=פלאץ; אויסלאדונגס=פלאץ; 2. א פלאטפארמע [פון אן אייזענבאהן, צווישען רייהען שטיגען, ביים אריינגאנג אין א שאכט א. ז. וו.].

1. The landing of the Pilgrims is an event in American History.

lan'ding-net *n.* (לענ'-דינג-נעט) א קעשער אדער קעטשער [אזא נעץ צום ארויסנעהמען א געפאנגענעם פיש פון וואסער].

lan'ding-place *n.* (לענ'-דינג-פלייס) א לאנדונגס=פלאץ; א רוה=פלאץ, א פלאטפארמע [ווי ביי שטיגען].

lan'ding-stage *n.* (לענ'-דינג-סטיידזש) א לאנדונגס=פלאטפארמע [אראבצושטייגען פון א שיף אדער אייזענבאהן אדער צום אויסלאדען].

lan'ding-surve'yor *n.* (לענ'-דינג-סויר-וויי'-אר) דער הויפט פון די צאל=בעאמטע [אין ענגלאנד].

lan'ding-wai'ter *n.* (לענ'-דינג-הוויי'-טער) א צאל=בעאמטער.

land'-job'ber *n.* (לענד'-דזשאב'-ער) א לאנד=מעקלער, א גיטער=מעקלער; א לאנד=ספעקולאנט; איינער וואס האנדעלט מיט לאנד.

land'-job'bing *n.* (לענד'-דזשאב'-אינג) דער האנדעל מיט גיטער; לאנד=ספעקולאציעס.

land'lady *n.* (לענד'-ליי-די) א גרונד=אייגענטימעריז, א גוטס=בעזיצעריז, אן אייגענטימעריז פון הייזער; א פרוי פון א לאנד=אייגענטימער אדער הויז=אייגענטימער; א בעל=הבית'טע פון א האטעל אדער פאנסיאן.

land'-laid *a.* (לענד'-לייד) וואס איז אזוי ווייט אין ים, אז מען קען שוין ניט זעהן דעם ברעג [ווענען א שיף].

land'-law *n.* (לענד'-לאה) דאס געזעץ פון א לאנד; א געזעץ ווענען גרונד=אייגענטום.

Land League (לענד ליגע) די אירלענדישע לאנד=ליגע [א פעראייניגונג פון אירלענדישע פויערים, געגרינדעט אין 1879, מיט דעם צוועק צו קעמפפען פאר דער פערקלענערונג פון ארענדע=צאהלונגען אויף לאנד און אויסצוקעמפפען בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער פויער זאל קענען ווערען אן אייגענטימער פון דעם געדונגענעם לאנד. די ליגע האט אויך געקעמפפט פאר "האום רול" אדער אויטאנאמיע פון אירלאנד. זי איז שטארק פערפאלגט געווארען און איז אפיציעל אבגעשאפט געווארען אין 1881].

Land'-Lea'guer *n.* (לענד'-ליג'-גער) א מיטגליעד פון דער אירלענדישער לאנד=ליגע. ז. *Land League*

land'-leech *n.* (לענד'-ליטש) א לאנד=פיאווקע [ביי א אינטש לאנג און זעהר דין, געפינט זיך הויפטזעכליך אויף'ן אינזעל ציילאן און פערברייטעט געוויסע צייטען פון יאהר אויף דער יבשה].

Land-leeches

land'less *a.* (לענד'-לעס) וואס פערמאגט ניט קיין גרונד=אייגענטום.

land'locked *a.* (לענד'-לאקט) ארומגערינגעלט מיט לאנד; בעשיצט פון לאנד [פון שטורמען, ווי למשל, א האפען]; וואס געפינט זיך אין א וואסער וואס איז ארומגערינגעלט מיט לאנד.

A landlocked harbor is a commercial asset for a city.

land'loper *n.* (לענד'-לאו-פער) אן ארומטרייבער, א וואנדערער, א בראדיאגע, א וואגאבונד.

land'loping *a.* (לענד'-לאו-פינג) וואנדערענד; ארומטרייבענדיג זיך.

land'lord *n.* (לענד'-לארד) א גרונד=אייגענטימער, א גוטס=בעזיצער, אן אייגענטימער פון הייזער, א בעל=הבית; א בעל=הבית פון א האטעל אדער פאנסיאן.

land'lordism *n.* (לענד'-לארד-איזם) די ווירטשאפט פון גרויסע גוטס=בעזיצער; די אינטערעסען פון דעם קלאס פון גרונד=בעזיצער.

land'lubber *n.* (לענד'-לאב-ער) אן אונערפאהרענער, אונגעשיקטער מאטראז.

Modern steamships hardly have any sailors. The crews consist almost entirely of landlubbers.

land'lubberly *adv.* (לענד'-לאב-ער-לי) אויף אן אונגעשיקטען, אומגעלומפערטען אופן [ווענען אן אונערפאהרענעם מאטראז].

land'man *n.* (לענד'-מען) איינער וואס לעבט אדער דיענט אויף דער יבשה; אן ארענדאטאר.

land'mark *n.* (לענד'-מארק) 1. עטוואס וואס בעצייכענט א געוויסע געגענד אדער איז היסטאריש פערבונדען מיט א געוויסער געגענד; 2. א גרענעץ=צייכען; עטוואס וואס צייגט די ריכטונג אדער וואס מען קען נאך דעם דערקענען א געגענד; 3. עטוואס כאראקטעריסטישעס; עטוואס וואס בעצייכענט א נייעם ווענדע=פונקט; עטוואס וואס שיידט אב אדער מאכט אן אונטערשיעד.

1. This neighborhood is full of historical landmarks. 3. The Presidential Election of 1912 will be a landmark in American History.

land'-mar'ker *n.* (לענד'-מאר'-קער) אן ערד=ארבייטס=מאשין אנצוצייכענען רייהען פאר'ן פלאנצען.

land'-meas'ure *n.* (לענד'-מעזש'-אור) א לאנד=מאס.

land'-meas'urer *n.* (לענד'-מעזש'-אור-ער) א פעלד=מעסטער, א לאנד=מעסטער.

land'-meas'uring *n.* (לענד'-מעזש'-אור-אינג) פעלד=מעסטונג, לאנד=מעסטונג.

landoc'racy *n.* (לענ-דאק'-רע-סי) לאנד=אריסטאקראטיע, דער קלאס לאנד=אייגענטימער אלס הערשענדע מאכט [א הומאריסטישער אויסדרוק].

lan'docrat *n.* (לענד׳-דאָ-קרעט) א לאַנד־אַריסטאָקראַט. ז. *landocracy*.

land of dark'ness (לענד אָוו דאַרק׳-נעס) דעם שאָטנס לאַנד; דעם שטן׳ס קעניגרייך; דער קבר.

land'-of'fice *n.* (לענד׳-אָפ׳-איס) דאָס לאַנד־אַמט [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא און אין די ענגלישע קאָלאָניעס — א רעגיערונגס־אַבטיילונג וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער פערוואַלטונג און אויסטיילונג פון רעגיערונגס־לאַנד].

land'-of'fice busi'ness (לענד׳-אָפ׳-איס ביז׳-נעס) א געשעפט, וואָס איז בעגלאַנערט פון קונים [ווי עס זיינען בעגלאַנערט די רעגיערונגס־קאָנטאָרען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא, ווען מען טיילט פאַנאַנדער רעגיערונגס־לאַנד]. ז. *land-office*.

land of prom'ise (לענד אָוו פּראָמ׳-איס). דאָס פערשפּראָכענע לאַנד [ארץ ישראל. ווערט אויך געברויכט פאַר אַמעריקא אין בעצוג צו די אימיגראַנטען].

America is the modern **land of promise**.

land on both feet (לענד אָן באָוטה פּיעט) זיך אַרויסדרעהען פון א צרה.

land'owner *n.* (לענד׳-אָו-נער) א לאַנד־אייגענטימער.

land'ownership *n.* (לענד׳-אָו-נער-שיפּ) לאַנד־אייגענטום; דאָס זיין א לאַנד־אייגענטימער.

land'-ow'ning *a.* (לענד׳-אָו׳-נינג) וואָס בעזיצט לאַנד־אייגענטום; וואָס בעלאַנגט אָדער איז שייך צום קלאַס גרונד־אייגענטימער.

land'-pi'rate *n.* (לענד׳-פּאַי׳-רעט) א גאַסען־רויבער; איינער וואָס בעשווינדעלט אָדער רויבט מאַטראָזען ביי די האַפענס.

land'-poor *a.* (לענד׳-פּוהר) אָרים אין מזומנים אין דער צייט ווען מען בעזיצט פיעל לאַנד־אייגענטום, וואָס ברייננט נאָר ניט אַריין [היפּאָטעקליך צוליעב גרויסע שטייערען און אַנדערע קאָסטען].

land'-rail *n.* (לענד׳-רייל) דער וואַכטעל־קעניג [אַ פויגעל]. ז. *corn-crake*.

land'reeve *n.* (לענד׳-ריעוו) א געהילף פון א גוט־פערוואַלטער.

land'-rent *n.* (לענד׳-רענט) אַרענדע, צינזען.

land'scape *n. and v.* (לענד׳-סקייפּ) א לאַנדשאַפט; א פּייזאַזש; א לאַנדשאַפטס־בילד; פּאַרשטעלען אין א לאַנדשאַפט.

land'scape-gar'dening *n.* (לענד׳-סקייפּ-גאַר׳דנ-אינג) לאַנדשאַפטס־גערטנעריי [דאָס פערפלאַנצען און איינאָרדנען א גאָרטען, אַז ער זאָל מאַכען דעם איינדרוק פון א לאַנדשאַפטס־בילד].

land'scape-mir'ror *n.* (לענד׳-סקייפּ-מיר׳-אָר) א פערקלענערונגס־גלאָז געברויכט ביים מאָהלען לאַנדשאַפטען [פּייזאַזשען].

land'scape-pain'ter *n.* (לענד׳-סקייפּ-פּיינ׳-טער) א לאַנדשאַפטס־מאָלער, פּייזאַזשיסט.

land'scapist *n.* (לענד׳-סקיי-פּיסט) ז. *landscape-painter*.

land'-scrip *n.* (לענד׳-סקריפּ) א דאָקומענט וואָס בערעכטיגט צום בעזיץ פון א געוויסען שטח פון רעגיערונגס־לאַנד [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא].

land'-shark *n.* (לענד׳-שאַרק) איינער וואָס בעשווינדעלט אָדער בערויבט מאַטראָזען אויף דער יבשה; איינער וואָס נעהמט צו לאַנד מיט גוואַלט אָדער שווינדעל.

land'-shar'ker *n.* (לענד׳-שאַר׳-קער) א לאַנד־וואַוכערניק.

land'-sick *a.* (לענד׳-סיק) קראַנק פאַר בענקשאַפט נאָך דער יבשה; געשטערט פון דער נאָהנטקייט פון לאַנד [וועגען א שיף]; זיך שווער בעוועגענדיג [וועגען א שיף ביים ברעג אָדער וועלכע האָט נור וואָס זיך אַנגעהויבען ריהרען פון אָרט].

lands'knecht *n.* (לאַנטס׳-קנעכט) א לאַנדס־קנעכט. ז. *lansquenet*.

land'slide *n. and a.* (לענד׳-סלאַיד) 1. ערד־פאַל, ערד־שטורץ [דאָס אַראָבפאַלען פון מאַסען ערד, שטיינער א. ז. וו. פון א באַרג]; 2. אַן אונערוואַרטעטע, גרויסע, שטורמדיגע פּאַסירונג [צו גונסטען פון אימיצען]; עהנליך צו אַן ערד־שטורץ.

2. The election of 1912 proved a **landslide** victory for the Democratic Party.

land'slip *n. and a.* (לענד׳-סליפּ) ז. *landslide*.

lands'man *n.* (לענדז׳-מען) א לאַנדס־מאַן; איינער וואָס לעבט אויף דער יבשה; איינער וואָס האָט ניט קיין ערפאַהרונג אויף׳ן ים.

land'-spout *n.* (לענד׳-ספּאַוט) א שטאַרקער רעגען בעת א שטורמווינד, וואָס הויבט אויף און דרעהט זיילען פון וואַסער.

land'-spring *n.* (לענד׳-ספּרינג) א וואַסער־קוואַל וואָס איז נאָהענט צו דער אויבערפלאַכע פון דער ערד; א ברונעם וואָס ווערט פול נור נאָך א רעגען.

land'-stew'ard *n.* (לענד׳-סטיו׳-אַרד) א גוט־פערוואַלטער.

land'sturm *n.* (לאַנט׳-סטורם) אַן אַל־געמיינע מאָביליזאַציאָן פון די שטרייט־קרעפטען אין דייטשלאַנד אָדער אין דער שווייץ אין דער צייט פון א קריעג.

Land'tag *n.* (לאַנט׳-טאַך) א לאַנדטאַג [א פּאַרלאַמענט אין איינעם פון די דייטשע שטאַאַטען, אויך אין מאַראַוויא און בעהמען, עסטרייך].

land'-tax *n.* (לענד׳-טעקס) גרונד־שטייער [אַבצאָהל אויף גרונד־אייגענטום].

land'-ten'ant *n.* (לענד׳-טענ׳-ענט) אַן אַרענדאַטאָר, אַן אַרענדאַר.

land'-tie *n.* (לענד׳-טאַי) א רייה פּלעקער ביים ברעג פון א טייך וואָס בעפעסטיגען די אַנגעשאָטענע ערד.

land'-tor'toise *n.* (לענד׳-טאָר׳-טיס) א לאַנד־טשערעפּאַכע, א טשערעפּאַכע וואָס האַלט זיך אויף דער יבשה.

land'-turn *n.* (לענד׳-טוירן) א לאַנד־ווינד [וואָס בלאָזט פון ברעג צום ים].

land'-tur'tle *n.* (לענד׳-טוירטל) ז. *land-tortoise*.

land up (לענד אַפּ) בעזאַמען; בעדעקען מיט גוטער ערד.

land'-ur'chin *n.* (לענד׳-אויר׳-טשין) א איגעל [יאַזשיק]. ז. *hedgehog*.

land'-wai'ter *n.* (לענד׳-הוויי׳-טער) א צאָל־בעאַמטער.

land'ward *a. and adv.* (לענד׳-הוואַרד) וואָס איז צום לאַנד־צו אָדער צו די אינערליכע טיילען פון לאַנד; וואָס איז ווייט פון ים־ברעג; צום לאַנד־צו; צום ברעג־צו.

land'wards *adv.* (לענד׳-הוואַרדז) צום ברעג־צו, צום לאַנד־צו.

land'-war'rant *n.* (לענד׳-הוואָר׳-ענט) א דאָקומענט וואָס בערעכטיגט צום בעזיץ פון א געוויסען שטח רעגיערונגס־לאַנד [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא].

land'-wash *n.* (לענד׳-הוואָש) דער פּלאַץ אויף׳ן ברעג ים, צו וועלכען דאָס וואַסער קומט צו אין דער צייט פון פלוט [הויכען וואַסער־שטאַנד]; דאָס וואָס ווערט אויף דיעזען פּלאַץ צוגעשווענקט.

land'wehr *n.* (לאַנט׳-וועהר) לאַנדוועהר, מיליץ [וואָס ווערט געפאָדערט צו דיענסט נור אין צייט פון מלחמה — אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אין דער שווייץ].

land'-wind *n.* (לענד׳-הווינד) א ווינד וואָס בלאָזט פון ברעג צום ים.

land'wor'ker *n.* (לענד׳-הוואָיר׳-קער) אַן ערד־אַרבייטער.

lane *n.* (לייִן) 1. א שטעגעלע; א שמאָל געסעל; 2. א דורכגאַנג; א בעשטימטער וועג; צוויי שורות ביימער אָדער מענשען וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אויף צוויי זייטען מיט א דורכגאַנג אין מיטען; 3. דער האַלז.

1. The farmer's house is situated on a **lane** of the main road.

lane'-route *n.* (לייִנ׳-רוהט) דער וועג פאַר שיפען אין ים.

Since the sinking of the Titanic, steamers take the more southern **lane-routes**.

langa'ha *n.* (לענ-גאַ׳-האַ) אַזאַ שלאַנג אין מאַדאַגאַסקאַר, וואָס איהר מויל ענדיגט זיך מיט א לענגליכען שאַרפען שפּיץ.

lang'syne' *n.* (לענג׳-סאַין׳) א לאַנג־פערגאַנגענע צייט.

lan'guage *n.* (לענ׳-גוועדזש) א שפּראַך; דער סטיל פון א שפּראַך [סגנון הלשון].

lan'guaged *a.* (לענ׳-גוועדזשד) וואָס האָט א שפּראַך; וואָס רעדט פערשיעדענע שפּראַכען.

lan'guageless *a.* (לענ׳-גוועדזש-לעס) וואָס האָט ניט קיין שפּראַך; אָהן לשון, שטום.

lan'guage-mas'ter *n.* (לענ׳-גוועדזש-מעס׳-טער) א שפּראַכען־לעהרער.

lan'guet *n.* (לענ׳-געט) עפּעס וואָס איז עהנליך צו א צינגעל.

lan'guid *a.* (לענ׳-גוויד) מאַט, שוואַך; שלאַף.

lan'guidly *adv.* (לענ׳-גוויד-לי) אָהן קראַפט, אָהן ענערגיע, מאַט, שוואַך.

lan'guidness *n.* (לענ׳-גוויד-נעס) מאַטקייט, שוואַכקייט; שלאַפקייט.

lan'guish *v.* (לענ׳-גוויש) ווערען שוואַך; ווערען מאַט; שמאַכטען; בענקען.

Captain Dreyfus, though innocent, **languished** in prison for many years.

lan'guishing *a.* (לענ׳-גוויש-אינג) ווערענדיג שוואַך אָדער מאַט; שמאַכטענד; בענקענד.

lan'guishingly *adv.* (לענ׳-גוויש-אינג-לי) שמאַכטענדיג; בענקענדיג; ווערענדיג שוואַך אָדער מאַט.

lan'guishment *n.* (לענ׳-גוויש-מענט) דאָס שמאַכטען; מאַטקייט, שוואַכקייט.

lan'guor *n.* (לענ׳-גאָר) מאַטקייט, שלאַפּקייט; שלעפּעריגקייט; נידערגעשלאַגענהייט; דאָס שמאַכטען; דאָס בענקען; זעהנזוכט; אויסצעהרונג פון פּלאַנצען.

lan'guorous *a.* (לענ׳-גאָר-אָס) שמאַכטענד; בענקענד; לאַנגווייליג; ערשלאַפענד; פערפּיהרעריש.

lan'iard *n.* (לענ׳-יאַרד) אַזאַ קורצעס שיף־שטריקעל.

laniar'iform *a.* (לייִ-ני-ער׳-אי-פאָרם)

וואס האט די פארם פון די אויגען-צייהנער ביי פלייש-עסענדע חיות.

la'niary *a. and n.* (לײ'-ני-ע-רי) וואס איז צוגעפאסט צו רייסען אדער בייסען פלייש [בעזאנדערס ווענען די אויגען-צייהנער פון די פלייש-עסענדע חיות]; אן אויגען-צאהן פון א פלייש-עסענדער חיה.

la'nier *n.* (לײ'-ניער) ז. *lanner*

lanif'erous *a.* (לע-ניפ'-ע-ראס) וואָ-ליג; וואס גיט ארויס וואָל.

lan'iform *a.* (לענ'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון וואָל.

lanig'erous *a.* (לע-נידזש'-ע-ראס) וואָ-ליג; בעדעקט מיט וואָל; וואס האט דעם אויסזעהען ווי וואָל; וואס גיט ארויס וואָל.

lank *a.* (לענק) שלאַף; לויז; דין; שלאנק; דאַר, איינגעשרומפּט, מאגער.

lank'ly *adv.* (לענק'-לי) ז. *lank*

lank'ness *n.* (לענק'-נעס) דארקייט; מאגערקייט; איינגעשרומפּענקייט; דינ-קייט; שלאנקקייט; שלאַפקייט.

lan'ky *a.* (לענ'-קי) מאגערליך, דארליך; דין; שלאנק.

Abraham Lincoln was tall and **lanky** in appearance.

lan'ner *n.* (לענ'-ער) דער וואכטעל-פאלק [אזא גרויסער רויב-פויגעל, הויפּט-זעכליך די "זי"].

Lanner

lan'neret *n.* (לענ'-ער-עט) דער וואכ-טעל-פאלק [הויפּטזעכליך דער "ער"]. ז. *lanner*

lan'neroid *a.* (לענ'-ער-איד) עהנ-ליך צו א וואכטעל-פאלק. ז. *lanner*

lans'downe *n.* (לענז'-דאון) א מין צייג געמישט פון זייד און וואָל.

lans'quenet *n.* (לענס'-קע-נעט) א מין באנקא-שפּיעל אין קארטען; א לאנדס-קנעכט [א געדונגענער פוס-סאָלדאט אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט]; א סאָל-דאט בעוואפענט מיט א פּיקע.

lant *n. and v.* (לענט) אורין [השתנה]; בענעצען אדער מישען מיט אורין.

lan'tern *n. and v.* (לענ'-טערן) א לאנ-טערנע; דער אויבערשטער גלעזערנער טייל פון א לייכט-טהורם; א דאך-טהורם מיט פענסטער; א גראָדעס דאך-פענסטער; א שעסטערנע [אזא לענג-ליך, צילינדער-פערמיג רעדעל וואס ווערט געטריבען פון א צאהן-ראד]; דער טייל פון אן עלעקטראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען עלעקטריציטעט], וואו עס איז איינגעפאסט דאס שפּיעגעלע; א פאר-ריכטונג איינצושליסען שטאף ביים פאר-בען, כדי צו בעפעסטיגען די פארבען דורך דאמפף; בעזארגען מיט א לאנטער-נע; אויפהענגען אויף א לאנטערנע-סלופּ [אלס טויט-שטראף].

lan'tern-bel'lows *n.* (לענ'-טערן-בעל'-אוז) אזא בלאז-זאק עהנליך צו א יאפּאנעזישער אדער כינעזישער לאנטערנע [א פאפּיער-לאנטערנע וואס קען זיך צו-נויפלעגען].

lan'tern-car'rier *n.* (לענ'-טערן-קער'-אי-ער) ז. *lantern-fly*

lan'tern-fly *n.* (לענ'-טערן-פלאי) דער לאנטערנען-טרעגער [א מין גרויסע פליעג וועגען וועלכער מען רעכענט דאס זי לאזט ארויס פון זיך א שטארקע ליכט אין דער פינסטערניש].

Lantern-fly

lan'tern-jack *n.* (לענ'-טערן-דזשעק) ז. *Jack-o'-lantern*

lan'tern-jawed *a.* (לענ'-טערן-דזשאהד) וואס האט א לאנג, דין געזיכט; וואס האט איינגעפאלענע באקען.

lan'tern-jaws *n.* (לענ'-טערן-דזשאהז) איינגעפאלענע באקען; א לאנג, שמאָל געזיכט.

lan'tern-light *n.* (לענ'-טערן-לאיט) די בעלייכטונג פון א לאנטערנע.

lan'tern of the dead (לענ'-טערן אוו טהי דעד) א מין מצבה-טהורם אויף בית-עלמין'ס מיט א בעלויכטענעם פענ-סטער פון אויבען [אין פראנקרייך און אירלאנד].

lan'tern-tow'er *n.* (לענ'-טערן-טאו'-ער) א דאך-טהורם מיט פענסטער.

lan'tern-wheel *n.* (לענ'-טערן-הווילע) א שעסטערנע [אזא לענגליך, צילינדער-פערמיג רעדעל וואס בעשטעהט פון צוויי דעקלעך, צווישען וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט אין דער רונד דרעט-לעך, אין וועלכע עס גרייפען איין די צייהנער פון א צאהן-ראד].



Lantern-wheel

lantha'nium *n.* (לענ-טהיי'-ני-אם) ז. *lanthanum*

lan'thanum *n.* (לענ'-טהע-נאם) לאנ-טהאנום [אזא דונקעל-גרויער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענ-טען].

lanugin'ic *a.* (לענ-יו-דזשינ'-איק) וואָ-ליג; וואס איז שייך צו וואָל.

lanu'ginose *a.* (לע-ניו'-דזשי-נאס) ז. *lanuginous*

lanu'ginous *a.* (לע-ניו'-דזשי-נאס) וואָליג, פוכיג; בעדעקט מיט פוך.

lan'yard *n.* (לענ'-יארד) ז. *laniard*

Laoc'oon *n.* (לע-אק'-א-אן) לאאקאאן [א בעריהמטע סטאטוע, וועלכע שטעלט פאר דעם טראיאנישען פריסטער לאאקאאן מיט זיינע צוויי זיהן ווי זיי ווערען דער-שטיקט פון א שלאנג].

Laocoon

Laodice'an *a. and n.* (לע-אד-אי-סי'-ען) וואס איז שייך צו דער אלטער שטאדט לאאדיצעא אין פריגיען; גלייכגילטיג צו רעליגיאן אדער רעליגיעזע אנגעלעגענהיי-טען; אהן א בעשטימטען כאראקטער; אן איינוואהנער פון לאאדיצעא; א קריסט וואס איז גלייכגילטיג צו רעליגיאן.

Laodice'anism *n.* (לע-אד-אי-סי'-ענ-איזם) גלייכגילטיגקייט צו רעליגיאן.

lap *n. and v.* (לעפּ) דער שויס פון א קלייד; דער שויס; די פאלעס אדער דער פאדערשטער לויזער טייל פון א בגד; א רעדעל אדער פּלאטע פון ווייכען מע-טאל אדער האלץ וואס ווערט בענוצט צום פאלירען הארטען מעטאל אדער ביים שלייפען דימענטען; א פּלאכטע אדער רא-לע וואָל אדער באוועל וואס איז אנגע-גרייט צום בערשטען; א לעק; א קלאנג ווי דער וואס הערט זיך ביים לעקען; אן איבערשלאג; א טייל פון א זאך וואס שטארצט ארויס איבער די אנדערע ווי א געזימס, א זוים, א ראנד א. ד. ג.; ארי-בערבויגען, פערבויגען, איינפּאלבען; וויק-לען, אויפוויקלען; איבערשלאגען, איבער-דעקען; לעקען; זיך בעלעקען; ארויס-לאזען א קלאנג ווי ביים לעקען; שלייפען אדער פאלירען מיט א רעדעל אדער פּלא-טע פון ווייכען מעטאל אדער האלץ.

laparot'omy *n.* (לעפּ-ע-ראט'-א-מי) אן אפּעראציאן דורך אויפשניידען דעם בויך.

lap'-ban'der *n.* (לעפּ'-בענ'-דער) עט-וואס וואס פערבינדט צוויי געגענשטענדע פעסט צוזאמען.

lap'-board *n.* (לעפּ'-באורד) א שויס-ברעט [א ברעט אדער פּלאטע וואס ווערט געהאלטען אויף'ן שויס פאר דער ארבייט, ווי ביי שוסטער, אויסנעהער א. ד. ג.].

lap'-dog *n.* (לעפּ'-דאג) א שויס-הינטעל.

lap'-eared *a.* (לעפּ'-איערד) מיט אראב-געהאנגענע אויערען.

lapel' *n.* (לע-פעל') א לאץ אדער קלאפּע פון א בגד.

He wore a large badge on his **lapel.**

lap'ful *n.* (לעפּ'-פול) א פולער שויס.

The girl picked a **lapful** of apples in her apron.

lap'idarist *n.* (לעפּ'-אי-דע-ריסט) ז. *lapidist*

lap'idary *a. and n.* (לעפּ'-אי-דע-רי) וואס איז שייך צו א שטיין אדער שטיי-נער; וואס איז שייך צו שטיין-שניידע-

ריי אדער שטיין־קריצעריי; איינגעקריצט אדער איינגעגראווירט אין שטיין; א שטיין־שניידער, א שטיין־קריצער; א מצבות־קריצער.

lap'idary style (לעפּ'-אי-דע-רי סטאַיל) דער לאַפּידאַר־סטיל [דער סטיל פון אויפשריפטען אויף מצבות].

lap'idate *v.* (לעפּ'-אי-דייט) שניידען און פּאָלירען ווי שטיינער; פערוואַרפען מיט שטיינער; פערשטיינען.

lapida'tion *n.* (לעפּ-אי-דיי'-שאַן) דאָס פערשטיינען, דאָס פערוואַרפען מיט שטיינער; טויט־שטראַף דורך פערשטיינען [סקילה].

lapid'eous *a.* (לע-פּיד'-אי-אַס) שטייניג, שטיינערדיג, וואָס בעשטעהט פון שטיין.

lapidif'ic *a.* (לעפּ-אי-דיפ'-איק) פער־שטיינערענד, וואָס פערוואַנדעלט אין שטיין.

lapidif'ical *a.* (לעפּ-אי-דיפ'-אי-קעל) ז. *lapidific*.

lapidifica'tion *n.* (לע-פּיד-אי-פי-קיי'-שאַן) די שטיין־בילדונג, די פערוואַנדלונג אין שטיין.

lapid'ify *v.* (לע-פּיד'-אי-פאַי) פער־וואַנדלען אין שטיין, מאַכען צו שטיין.

lap'idist *n.* (לעפּ'-אי-דיסט) א קענער פון עדעלשטיינער; א קענער אין מינע־ראַלאָגיע [בעזאָנדערס אין שטיינער וואָס ווערען בענוצט אַלס בעפּוצונג].

lap'idose *a.* (לעפּ'-אי-דאָס) וואָס וואַקסט אין שטיינערדיגע ערטער.

lapil'li *n.* (לע-פּיל'-אי) וואולקאַן־שלאַ־קען, וואולקאַן־אש [ברוך־שטיקלעך פון פערשידענעם מאַטעריאַל וואָס ווערען אַרויסגעוואָרפען פון א פייער־שפּייענדען בארג].

lapil'liform *a.* (לע-פּיל'-אי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון קליינע שטיינ־דלעך.

lay to one's charge (לייי טו הוואנז טשארדזש) שטעלען אויף אימעצענס חשבון, בעשולדיגען אימעצען, האלטען אימעצען פעראנטווארטליך.

lay up (לייי אפ) אבלעגען; וועקלעגען אויף שפעטער; וועקלעגען אין בעט [צו-ליעב א קראנקהייט].

lay wait (לייי הווייט) לויערען, ליגענען און ווארטען.

lay waste (לייי הווייסט) פערוויסטען.

la'zar *n.* (לייי'-זאר) א קרעציגער, א מצורע; איינער וואס ליידט פון א מיאוס'ער קראנקהייט [הויפטזעכליך ווע-גען א בעטלער].

lazaret' *n.* (לעז-ע-רעט') א לאזארעט, א האספיטאל, א האספיטאל-שיף, א קא-ראנטין-אנשטאלט; א פלאץ פאר פראווי-זיעס [אויף האנדעלס-שיפען].

lazaret'to *n.* (לעז-ע-רעט'-או) ז. *lazaret*

la'zar-house *n.* (לייי'-זאר-האוס) ז. *lazaret*

la'zar-like *a.* (לייי'-זאר-לאיק) קרעציג, עהנליך צו א מצורע.

la'zarly *a.* (לייי'-זאר-לי) ז. *lazar-like*

la'zarman *n.* (לייי'-זאר-מען) ז. *lazar*

lazaro'ne *n.* (לעז-ע-ראו'-נע) ז. *lazzarone*

la'zarwort *n.* (לייי'-זאר-הוואירט) ז. *laserwort*

laze *v. and n.* (לייז) פוילענצען, זיך פוילען; אוועק'פטר'ען אין פוילקייט; פוילקייט.
When on my vacation I like to **laze** around a good part of the day.

la'zily *adv.* (לייי'-זי-לי) מיט פויל-קייט, פויל.

la'ziness *n.* (לייי'-זי-נעס) פוילקייט.

laz'uli *n.* (לעז'-יו-לאי) לאפיס לאזולי, לאזור-שטיין. ז. *lapis lazuli*

laz'ulite *n.* (לעז'-יו-לאיט) לאזוליט, בלוי-שפאט [אזא מינעראל פון העל-בלויען קאליר].

la'zy *a. and v.* (לייי'-זי) פויל; לאנג-זאם; זיך פוילען; פוילענצען.

la'zy-back *n. and a.* (לייי'-זי-בעק) א הויכער לעהן [רוקען-ווענטעל] פון א שטוהל; א געשטעל אויף אן אויוועז פאר א פאן; וואס האט א הויכען רוקען [ווע-גען א שטוהל].

la'zy-bed *n.* (לייי'-זי-בעד) א שטיקעל פלאץ פערזייהט מיט קארטאפעל אזוי, אז די קארטאפעל ווערען ניט בעגראבען אין דער ערד, נאר ווערען בלויז צוגעדעקט פון אויבען מיט אביסעל ערד.

la'zyboard *n.* (לייי'-זי-באורד) א ברעט ביי דער לינקער זייט פון א וואגען, אויף וועלכען די אנטרייבער שטעהען אפט, טרייבענדיג די פערד.

la'zybones *n.* (לייי'-זי-באונז) א פוי-לענצער.

la'zyboots *n.* (לייי'-זי-בוהטס) ז. *lazybones*

la'zy-tongs *n.* (לייי'-זי-טאהנגז) אזא צוואנג וואס איז צונויפגעשטעלט פון א גאנצער רייהע געלענקען און וועלכע קען אויסגעצויגען און צונויפגעצויגען ווערען.


Lazy-tongs.

lazzaro'ne *n.* (לעז-ע-ראו'-נע) א לא-זאראני [א בעטלער אדער ליידיג-געהער פון נעאפעל, איטאליען].

L. B. ראשי תבות פון די געלעהרטען-טיטו-לען: *Baccalaureus Litterarum*

[באקאלאורוס פון ליטעראטור] אדער *Legum Baccalaureus* [באקאלאורוס פון יוריספרודענץ].

lb. אבקירצונג פון *libra* [א פונט].

lbs. אבקירצונג פון *libras* [פונטען].

l. c. ראשי תבות פון *lower case* [אין דרוקעריי — די געוועהנליכע בוכשטאבען, ניט די גרויסע אנפאנגס=בוכשטאבען] אדער פון *loco citato* [אין דעם שוין ציטירטען פלאץ].

lea *n.* (ליע) א פעלד; א לאנקע.

leach *n. and v.* (ליעטש) לויג [וואס ווערט געמאכט פון אש]; א לויג=צעבער; אש צו מאכען לויג; מאכען לויג דורך אויפגיסען וואסער אויף אש.

lea'cher *n.* (ליע'-טשער) ז. *leach-tub*.

leach'-tub *n.* (ליעטש'-טאב) א לויג=צעבער.

lea'chy *a.* (ליע'-טשי) וואס לאזט דורך פליסיגקייטען, וואס זייהט דורך [ווי אש, זאמד א. ד. ג.].

lead *v. and n.* (ליעד) לייטען, פיהרען; אנפיהרען, געהן פארויס, זיין דער ערשטער, זיין אן דער שפיצע; אריינפיהרען, אריינציהען, אריינגארען; בעוועגען צו עפעס; אנפאנגען; געבען דעם טאן; איינלייטען; געפיהרט ווערען; פיהרערשאפט, פיהרונג; דאס געהן פארויס, דאס זיין דער ערשטער; דער אנפאנג, דער ערשטער גאנג [אין א שפיעל]; ריכטונג; בעקאנטשאפט, געניטקייט; עטוואס וואס פיהרט אדער ריכטעט; א שמאלער דורכגאנג.

lead *n., a. and v.* (לעד) בליי; דורכשוסליניע אדער שפאנע [א דין בליי=בלעכעל וואס ווערט אריינגעלעגט צווישען די שורות פון שריפטזאץ זיי צו מאכען שיטערער]; א זינק=בליי [א בליי=געוויכט צום מעסטען די טיעפקייט פון וואסער]; דאס בליי אין א בליישטיפט; געמאכט פון בליי, וואס ענטהאלט בליי; בעדעקען מיט בליי; פערגיסען מיט בליי; אריינלעגען די דורכשוסליניען אדער שפאנעם צווישען די שורות פון שריפטזאץ; פאלירען, בעדעקען מיט א גלאנץ דורך אברייבען מיט בליי אדער גראפיט.

lead a child (ליעד ע טשאילד) פיהרען א קינד מיט דער הילף פון עפעס [ווען מען לערענט עס געהן].

lead a dance (ליעד ע דענס) זיך שטעלען אן דער שפיצע, זיין אן אנפיהרער; זיין דער פיהרער פון א טאנץ.

lead'-ash *n.* (לעד'-עש) דאס פסולת פון בליי.

lead astray' (ליעד ע-סטריי') פערפיהרען; אראבפיהרען פון וועג.

Evil companions led him astray.

lead'-bob *n.* (לעד'-באב) א בליי=געוויכט אויף א ווענטקע.

lead by force (ליעד באי פאורס) שלעפען מיט גוואלט.

lead by the nose (ליעד באי טהי נאוז) פיהרען ביי דער נאז.

lead cap'tive (ליעד קעפ'-טיוו) פיהרען געפאנגען, פיהרען אין געפענגנשאפט.

lead'-col'ic *n.* (לעד'-קאל'-איק) בליי=קאליק [א קראנקהייט וואס מען בעקומט פון דעם שטויב פון בליי].

lead'-col'or *n.* (לעד'-קאל'-אר) בליי=קאליר [א מאטער בלויליך=גרויער קאליר].

lead'-col'ored *a.* (לעד'-קאל'-ארד) פון בליי=קאליר.

lead'-cut'ter *n.* (לעד'-קאט'-ער) א מאשין צו שניידען דורכשוסליניען אדער שפאנעם [דינע בליי=בלעכלעך וואס מען לעגט אריין צווישען די שורות פון דרוקזאץ].

lead'ed *a.* (לעד'-עד) אבגעטיילט דורך שפאנעם אדער דורכשוסליניען [דינע בליי=בלעכלעך וואס ווערען אריינגעלעגט צווישען די שורות אין דרוק=זאץ]; בעדעקט מיט בליי אדער גראפיט.

lead'en *a.* (לעדן) געמאכט פון בליי, וואס זעהט אוים ווי בליי אדער ווי געמאכט פון בליי; בלייערן, שווער, פויל; מאט; מרה=שחורה'דיג.

lead'-encephalop'athy *n.* (לעד'-ענ-סעפ-ע-לאפ'-ע-טהי) א געהירן=קראנקהייט וואס קומט פון כראנישער בליי=פערגיפטונג.

lead'en-gray *a. and n.* (לעד'נ-גריי) בליי=פארביג, בלייערן; א בליי=קאליר.

lea'der *n.* (ליע'-דער) א פיהרער; א וועגווייזער; אן אנפיהרער; דער ערשטער; דער הויפט; איינער אדער עטוואס וואס געהט פארויס; א טאן=געבער; א כאר=דיריגענט, א קאפעלמייסטער; די ערשטע פידעל, דער ערשטער שפיעל=אינסטרומענט אין אן ארקעסטער; עטוואס וואס ריכטעט, פיהרט אדער צייגט אן די ריכטונג; דאס הויפט=ראד אין מאשינעריע; א לייט=ארטיקעל; א הויפט צוציהונגס=סחורה פאר קונים.

leaderette' *n.* (ליע-דער-עט') א קליינער לייט=ארטיקעל.

lea'dership *n.* (ליע'-דער-שיפ) פיהרערשאפט, פיהרונג.

lead'-glance *n.* (לעד'-גלענס) בליי=גלאנץ, בליי=ערץ.

lead'-gray *n. and a.* (לעד'-גריי) ז. *leaden-gray*.

lead'ing *n.* (לעד'-אינג) בליי=ווערק, בלייענע זאכען; צוזאמענבלייאונג.

lea'ding *n. and a.* (ליע'-דינג) פיהרונג, לייטונג, אנפיהרונג, פיהרערשאפט, פעהיגקייט צו זיין א פיהרער; וועג=ווייזונג; פיהרענד, לייטענד; א צוציהונגס=ארטיקעל [פאר קונים]; וואס איז דאס הויפט, דאס ערשטע, דאס וויכטיגסטע; וואס געהט פארויס.

lea'ding ar'ticle (ליע'-דינג אר'-טיקל) א לייט=ארטיקעל [אין א צייטונג]; א הויפט=ארטיקעל, א גאנגבארער ארטיקעל, א צוציהונגס=ארטיקעל [אלס סחורה].

lea'ding card (ליע'-דינג קארד) די ערשטע קארט, מיט וועלכער מען מאכט דעם ערשטען גאנג.

lea'ding fash'ion (ליע'-דינג פעש'-אן) די הערשענדע מאדע.

lea'ding hand (ליע'-דינג הענד) די ערשטע האנד [ביים שפיעלען]; דער געשעפטס=פיהרער.

lea'ding horse (ליע'-דינג האהרס) דאס פאדערשטע אדער ערשטע פערד אין שפאן.

lea'ding la'dy (ליע'-דינג ליי'-די) א פרימאדאנע, די אקטריסע וואס שפיעלט די הויפט ראלע.

lea'dingly *adv.* (ליע'-דינג-לי) פיהרענדיג; דורך לייטונג אדער פיהרערשאפט.

lea'ding man (ליע'-דינג מען) דער אקטיאר וואס שפיעלט די הויפט ראלע.

lea'ding mo'tive (ליע'-דינג מאו'-טיוו) א לייט=מאטיוו [א גרונד=מאטיוו פון א מוזיק=שטיק].

lea'ding part (ליע'-דינג פארט) די הויפט ראלע.

He is taking a leading part in the play.

lea'ding ques'tion (ליע'-דינג קהוועס'-טשאן) א פראגע וואס איז געשטעלט אזוי, אז זי ענטהאלט אין זיך דעם ענטפער אדער שטויסט אן אויף א געווינשטען ענטפער.

lea'ding-staff *n.* (ליע'-דינג-סטעף) דער שטאק פון א מיליטערישען קאמאנדיר.

lea'ding-strings *n.* (ליע'-דינג-סטרינגז) געה=בענדער, לויף=בענדער [בענדער מיט וועלכע מען פיהרט קליינע קינדער, ווען מען לערענט זיי געהן]; שטערונגען צו זעלבסטשטענדיגקייט.

lea'ding-wind *n.* (ליע'-דינג-הווינד) א גינסטיגער ווינד.

lea'ding word (ליע'-דינג הוואירד) דאס ערשטע ווארט; דאס שלאג=ווארט.

lead in prayer (ליעד אין פרעהר) פארבעטען, זיין א שליח צבור.

lead'-line *n.* (לעד'-לאין) א שטריק מיט א בליי=געוויכט [אום צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסער אדער אום צו זינקען א נעץ].

lead'-mine *n.* (לעד'-מאין) א בליי=מינע, א בליי=גרוב.

lead off (ליעד אף) געהן פארויס, נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע פון עפעס, אנפאנגען דער ערשטער עפעס צו טהאן.

lead off a ball (ליעד אף ע באהל) ערעפענען א באל.

lead one a dance (ליעד הוואנ ע דענס) מאכען איינעם ארומלויפען אומזיסט און אומנישט, פערפיהרען מיט פוסטע הבטחות.

lead'-ore *n.* (לעד'-אור) בליי=ערץ, רויה בליי.

lead'-pen'cil *n.* (לעד'-פענ'-סיל) א בליישטיפט, א בלייפעדער.

lead'-poi'soning *n.* (לעד'-פאי'-זאנ-אינג) בליי=פערגיפטונג.

leads *n.* (לעדז) בלייענע דאך=פלאטען.

lead'-shot *n.* (לעד'-שאט) בליי=שראט [צום שיסען].

lead'-spar *n.* (לעד'-ספאר) בליי=שפאט [א מינעראל].

lead the field (ליעד טהי פיעלד) רייטען אן דער שפיצע, אנפיהרען א יאגד.

lead the way (ליעד טהי הוויי) געהן פארויס, זיין אן דער שפיצע.

lead to the al'tar (ליעד טו טהי אהל'-טער) הייראטען.

lead up (ליעד אפ) פיהרען, ארויפפיהרען.

My introduction gradually leads up to my argument.

lead'-works *n.* (לעד'-הוואירקס) א בליי=גיסעריי.

lead'wort *n.* (לעד'-הווארט) דער בליי=ווארצעל [אזא זיד=אייראפעאישע פלאנצע].

lead'y *a.* (לעד'-אי) בלייערן, בלייאיג, עהנליך צו בליי.

leaf *n. and v.* (ליעף) א בלאט; א בעוועגליכער טייל פון עפעס [ווי אן אריינזאץ=ברעט אין א טיש, א טהיר, פליגעל, א פאל=ברעט פון א תליה א. ד. ג.]; בלעטער=בעציערונגען [אין ארכיטעקטור]; זיך בלעטערען, ארויסברינגען בלעטער.

lea'fage *n.* (ליע'-פעדזש) בלעטער, בעבלעטערונג.

leaf'-bear'ing *a.* (ליעפ'-בעהר'-אינג) וואס טראגט ארום בלעטלעך אין מויל [ווי א געוויסער מין מוראשקעס]; וואס האבען בלעטער=עהנליכע קערפער=טיילען.

leaf'-blight *n.* (ליעפ'-בלאיט) אזא

קראנקהייט פון וועלכער עס ווערען אנגע-גריפען די בלעטער פון פלאנצען.

leaf'-bridge *n.* (ליעפ'-ברידזש) אן אויפצוג-בריק [וואס עפענט זיך אויף, אום דורכצולאזען שיפען].

leaf'-bud *n.* (ליעפ'-באד) א שפראץ-אויגעלע אדער קנאספע פון וועלכער עס קומט ארויס א בלאט.

leaf'-car'rier *n.* (ליעפ'-קער'-אי-ער) א מוראשקע וואס טראגט ארום אין מויל בלעטלעך.

leaf'-cut'ter *n.* (ליעפ'-קאט'-ער) א מעסער אויפצושניידען די בלעטער פון א בוך; אזא מין ביען וואס שפרייט אויס דעם ביענשטאק מיט בלעטער.

leafed *a.* (ליעפט) וואס האט בלעטער, בעבלעטערט, בלעטערדיג.

leaf'-fee'der *n.* (ליעפ'-פיע'-דער) אן אינזעקט אדער א ווערימעל וואס שפייזט זיך מיט בלעטער.

leaf'-fol'der *n.* (ליעפ'-פאול'-דער) אזא מאטען-פליגעלע [מאל] וואס איהר לאר-ווא [דאס ווערימעל, פון וועלכען עס ענט-וויקעלט זיך אן אינזעקט] וויקעלט צו-נויף בלעטער און מאכט זיך אין זיי א נעסט.

leaf'-foot'ed *a.* (ליעפ'-פוט'-עד) וואס האט בלעטער-עהנליכע פיס [וועגען געווי-סע מינים בעשעפענישען].

leaf'-gil'ding *n.* (ליעפ'-גיל'-דינג) דאס גילדען מיט גאלד-בלאט.

leaf'-gold *n.* (ליעפ'-גאולד) בלאט-גאלד [צום גילדען].

lea'finess *n.* (ליע'-פי-נעס) בעבלע-טערטקייט, דאס זיין בעדעקט מיט בלע-טער, דאס זיין פול מיט בלעטער.

leaf'less *a.* (ליעפ'-לעס) אונבעבלעטערט, אהן בלעטער.

leaf'lessness *n.* (ליעפ'-לעס-נעס) אונבעבלעטערטקייט, דאס ניט האבען קיין בלעטער.

leaf'let *n.* (ליעפ'-לעט) א בלעטעל; א פלוג-בלאט, א פלוג-בלעטעל.

leaf'-louse *n.* (ליעפ'-לאוס) א בלאט-לויז [אזא קליינער גרינער אינזעקט וואס געפינט זיך אויף בלעטער].

leaf'-met'al *n.* (ליעפ'-מעט'-על) בלאט-מעטאל, בלאט-גאלד [מעטאל אין דינע בלעטער מיט א גאלד-גלאנץ, גע-ברויכט צום גילדען].

leaf'-roll'er *n.* (ליעפ'-ראול'-ער) ז. *leaf-folder*.

leaf'-shaped *a.* (ליעפ'-שייפט) בלאט-פערמיג.

leaf'-sil'ver *n.* (ליעפ'-סיל'-ווער) בלאט-זילבער [צו בעזילבערען].

leaf'stalk *n.* (ליעפ'-סטאהק) דאס שטענ-געל פון א בלאט.

leaf'-tobac'co *n.* (ליעפ'-טא-בעק'-או) בלעטער-טאבאק.

leaf'-tur'ner *n.* (ליעפ'-טויר'-נער) א פארריכטונג ביי א פארטעפיאנא איבער-צומישען די בלעטער פון די נאטען.

leaf'-valve *n.* (ליעפ'-וועלוו) א קלאפען-ווענטיל [אזא דעקעל אויף א זאווייעסע אין א פומפ-מאשין].

leaf'work *n.* (ליעפ'-הוואירק) בלעטער-עהנליכע בעציערונגען.

lea'fy *a.* (ליע'-פי) בלעטערדיג; מיט א סך בלעטער.

league *n.* and *v.* (ליעג) א ליגע, א פעראייניגונג, א בונד; א מייל; א ים-מייל [3.45 ענגלישע מייל]; זיך פער-אייניגען, זיך פעראייניגען אין א ליגע.

lea'guer *n.* and *v.* (ליע'-גער) איי-נער וואס געהערט צו א ליגע אדער פער-אייניגונג, א בונד-גענאסע; בעלאגערונג; בעלאגערען.

leak *v.* and *n.* (ליעק) ארייַנ-רינען; ארויס-פליסען; פישען [משתין זיין]; לאזען רינען; א שפאלט, א לאך, אן עפנונג [דורך וועלכער עטוואס קען ארויסרינען אדער אריינרינען].

lea'kage *n.* (ליע'-קעדזש) דאס רינען; דאס אריינפליסען; די מאס אדער צאהל וואס קומט צו אדער פאלט אב פון רי-נען; לעקאזש [פערגיטיגונג פאר פער-לוסט וואס קומט פון אויסרינען].

leak'-alarm' *n.* (ליעק'-ע-לארם') א פארריכטונג אויף א שיף אויטאמאטיש צו געבען אן אלארם-סיגנאל, ווען די שיף הויבט אן צו רינען.

lea'kiness *n.* (ליע'-קי-נעס) דאס זיין רינעדיג, דאס זיין לעכערדיג.

leak out (ליעק אוט) 1. אויסרינען; 2. זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

2. The secret leaked out.

lea'ky *a.* (ליע'-קי) רינעדיג; געלע-כערט [אזוי אז א פליסיגקייט קען ארייַנ-רינען אדער ארויסרינען]; אויספלוידע-רענדיג, וואס קען ניט איינהאלטען קיין סוד.

lean *v.*, *n.* and *a.* (ליען) זיך נייגען, זיין גענייגט; זיך אבנייגען; זיך אבווענדען; זיך בויגען, זיך אונטערגע-בען, נאכגעבען; זיך לעהנען, זיך אנלעה-נען; אבמאגערען, מאכען מאגער; אראב-נעהמען דאס פלייש פון א וואלפיש; ניי-גונג, צונייגונג; דער טייל פון פלייש וואס בעשטעהט נור פון מוסקעלען; דאס פלייש פון א וואלפיש; ביי דרוקער — אן ארבייט וואס ברייגגט ניט קיין פרא-פיט; מאגער; פוסט, ארעם, אינהאלטס-לאז; וואס מאכט מאגער; ביי דרוקער— וואס מען פערדיענט ניט ביי דעם.

lean against' (ליען ע-גענסט') זיך אנ-לעהנען, זיך אנשפארען אן עפעס.

lean as a cane (ליען עז ע קיין) דאר ווי א שטעקען, הויט און ביין.

lean'-faced *a.* (ליען'-פייסט) מיט א מאגערען געזיכט; אין דרוקעריי — וואס איז זעהר שמאל [וועגען שריפט].

lea'ning *n.* and *a.* (ליע'-נינג) נייגונג; זיך לעהנענדיג, זיך נייגענד.

lea'ning-knife *n.* (ליע'-נינג-נאיף) א מעסער, מיט וועלכען מען שניידט ארום דאס מאגערע פלייש פון א וואלפיש.

lea'ning-note *n.* (ליע'-נינג-נאוט) א פערציערונגס-נאטע. ז. *appoggiatura*.

lean'ly *adv.* (ליען'-לי) מאגער, דאר, ארעם, אינהאלטסלאז, צוועקלאז, אהן פראפיט.

lean'ness *n.* (ליען'-נעס) מאגערקייט, דארקייט; פוסטקייט, אינ-האלטסלאזיגקייט, ארעמקייט; צוועקלא-זיגקייט.

lean o'ver (ליען או'-ווער) זיך איבער-בויגען, זיך אריבערהייגען.

Don't lean over the fence.

lean'-to *n.* (ליען'-טו) א נעבען-געביי-דע, א צובוי; אן אפענע געביידע [פאר קראנקע, הויפטזעכליך פאר שווינדזיכטי-גע].

lean type (ליען טאיפ) שמאלע דרוק-שריפט [וואס 26 בוכשטאבען פערנעה-מען וועניגער ווי צוויי צאל].

lean'-wit'ted *a.* (ליען'-הוויט-עד) ניט איבריג קלוג, ניט איבריג שארפזיניג.

lean work (ליען הוואירק) ביי דרו-קער — ארבייט, וועלכע נעהמט צופיעל צייט און ביי וועלכער מען קען ניט פער-דיענען.

leap *v.* and *n.* (ליעפ) א שפרינגען, א שפרונג טהאן, אריבערשפרינגען, ארויס-שפרינגען; ארויפשפרינגען, האבען גע-שלעכטליכען פערקעהר [וועגען חיות]; צווינגען אריבערצושפרינגען; דאס שפרינ-גען; א שפרונג; געשלעכטליכער פערקעהר [ביי חיות].

leap clear o'ver (ליעפ קליער או'-ווער) אריבערשפרינגען א זאך, ניט אנ-ריהרענדיג זי.

lea'per *n.* (ליע'-פער) א שפרינגער; א סאלם אדער לאקס; אן אינסטרומענט פאנאנדערצופלעכטען אלטע שטריק.

leap'-frog *n.* (ליעפ'-פראג) דער פראש-שפרונג, דער זשאבע-שפרונג [א קינדער-שע שפיעל, ביי וועלכער איינער שפרינגט אריבער איבער'ן צווייטען].

lea'ping-fish *n.* (ליע'-פינג-פיש) דער שפרינג-פיש [אזא קליינער, שמאלער, לענגליכער, גלאנציגער פיש וואס שפרינגט אפט ארויס אויף'ן ברעג].

leap in the dark (ליעפ אין טהי דארק) א שפרונג אין דער פינסטערניש, א בלינדע אונטערנעהמונג, עטוואס וואס מען ווייס ניט מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען, עטוואס וואס מען טהוט ניט רע-כענענדיג זיך מיט די פאלגען.

leap out of the skin (ליעפ אוט אוו טהי סקין) שפרינגען פון דער הויט.

leap'-year *n.* (ליעפ'-ייהר) אן עבור-יאהר.

lear *n.* (ליער) א קיהל-אויווען [אין גלאז-פאבריקאציאן].

learn *v.* (לוירן) לערנען, זיך לערנען, ערפאהרען, זיך דערוויסען.

lear'nable *a.* (לויר'-נעבל) וואס מען קען לערנען; וואס מען קען ערפאהרען.

learn a les'son (לוירן ע לעסן) אנ-געלערענט ווערען.

learn by heart (לוירן באי הארט) לערנען אויף אויסוועניג.

learn by mem'ory (לוירן באי מעמ'-א-רי) לערנען מעכאניש, אריינקלאפען זיך אין קאפ.

learn by rote (לוירן באי ראוט) ז. *learn by memory*.

lear'ned *a.* (לויר'-נעד) געלערענט, געלעהרט; געניט בעקאנט מיט...

He is learned in the law.

lear'nedly *adv.* (לויר'-נעד-לי) ווי א געלעהרטער; מיט קענטניס.

lear'nedness *n.* (לויר'-נעד-נעס) גע-לעהרטקייט, לומדות.

lear'ner *n.* (לויר'-נער) א לערנער; א לעהרלינג, א שילער.

lear'ning *n.* (לויר'-נינג) געלעהרזאמ-קייט, לומדות; ערודיציע; דאס לערנען; סיסטעמאטישעס וויסען; ספעציעלע פאך-קענטניסע.

learn off (לוירן אף) לערנען אויסווע-ניג.

learn one's book (לוירן וואנז בוק) מאכען די לעקציאנען; לערנען.

learn wit (לוירן הוויט) ווערען געשיי-טער, קליגער.

lear'y *a.* (ליער'-אי) כיטרע, וואכזאם, [אין דער גנבים-שפראך].

lea'sable *a.* (ליע'-סעבל) וואס קען פערפאכטעט אדער פערדונגען ווערען.

lease *v.* and *n.* (ליעס) פערפאכטען, פערדינגען [לאנד, הייזער א. ד. ג.]; פאכטען, דינגען; א פאכט; א פערפאכ-

טונג; א פאכט=קאנטראקט; א פאכט=טערמין; א טערמין, א משך, א צייט=דויער.

lease *v. and n.* (ליעז) קלייבען, זאמלען; קלייבען איבערגעבליבענע זאנגען אין פעלד; א פיטערנים.

lease'hold *n. and a.* (ליעס'-האולד) א פאכטונג [ווי פון ערד, א הויז א. ד. ג.]; א פאכט=גוט; א פאכט; געפאכטעט.

lease'holder *n.* (ליעס'-האול-דער) א פאכטער, איינער וואס דינגט אב א הויז.

I have been a **leaseholder** of this house for many years.

lea'ser *n.* (ליע'-סער) א פערפאכטער, איינער וואס פערדינגט ערד, א הויז, א גוט א. ד. ג. אין ארענדע.

leash *n. and v.* (ליעש) א שטריקעל, א באנד, א רימענדעל [בעזאנדערס אזא מיט וועלכען מען האלט א יאגד=הונד]; אנדערטהאלבען פאר, דריי פון איין מין [אויף דער שפראך פון יעגער]; דריי זאכען; אנבינדען אדער האלטען מיט א שטריקעל אדער מיט א באנד.

lea'sing *n.* (ליע'-סינג) דאס פאכטען אדער דינגען; דאס פערפאכטען אדער פערדינגען.

lea'sing *n.* (ליע'-זינג) דאס זאגען ליגען; א ליגען; דאס זאמלען, דאס זאמלען איבערגעבליבענע זאנגען אויף'ן פעלד.

least *a. and adv.* (ליעסט) וואס איז דאס מינדעסטע; ווענינגסטענס, אם ווענינסטען, אם אלערווענינגסטען.

least'ways *adv.* (ליעסט'-הוויז) ז. *leastwise*.

least'wise *adv.* (ליעסט'-הוואיז) אם ווענינגסטען, ווענינגסטענס, צום ווענינגסטען.

leath'er *n., a. and v.* (לעטה'-ער) לעדער; א לעדערעל אויף א האטשיק פון א ווענטקע; דער אראבהענגענדער טייל פון א הונד'ס אויער; געמאכט פון לעדער; וואס בעשטעהט פון לעדער; בעזארגען מיט לעדער; אנווענדען אדער געברויכען לעדער; פערוואנדלען אדער אויסגארבען אין לעדער; דורכקלאפען די ביינער; אבשמייסען מיט א רימען.

leath'er-cloth *n.* (לעטה'-ער-קלאטה) לעדער=טוך, צעראטע [אזא צייג וואס איז נאכגעמאכט ווי לעדער].

leath'er-coat *n.* (לעטה'-ער-קאוט) א לעדער=עפעל [אן עפעל מיט א גראבער הויט]; א פרוכט מיט א דיקער הויט.

leath'er-dress'er *n.* (לעטה'-ער-דרעס'-ער) א לעדער=בעארבייטער, איינער וואס פארטיגט ארויס די לעדער נאך'ן גארבען.

leath'er-dress'ing *n.* (לעטה'-ער-דרעס'-אינג) דאס לעדער=בעארבייטונג, ארויספארטיגען די לעדער נאך'ן גארבען.

leatherette' *n.* (לעטה-ער-עט') נאכגעמאכטע לעדער.

leath'erhead *n.* (לעטה'-ער-העד) א פויערשער קאפ, א דומער יונג; דער לעדער=קאפ [אזא אויסטראלישער פויגעל]. ז. *friar-bird*.

leath'er-knife *n.* (לעטה'-ער-נאיף) א לעדער=מעסער [אזא געבויגענע מעסער צום שניידען לעדער].

leath'er-mouthed *a.* (לעטה'-ער-מאוטהט) וואס האט א מויל ווי פון לעדער [גלאט און הארט און אהן צייהנער].

leath'ern *a.* (לעטה'-ערן) לעדערנער; געמאכט פון לעדער.

leath'er-pa'per *n.* (לעטה'-ער-פיי'-פער) לעדער=פאפיער [א דיקער זארט פאפיער וואס איז געמאכט ענליך צו לעדער].

leath'er-punch *n.* (לעטה'-ער-פאנטש) אן אינסטרומענט אדער מאשין אויסצוקלאפען לעכלעך אין לעדער.

leath'er-skin *n.* (לעטה'-ער-סקין) די אונטערשטע הויט=שיכט.

leath'er-winged *a.* (לעטה'-ער-הווינגד) וואס האט פליגלען ווי לעדער [ווי א פלעדערמויז, למשל].

leath'erwood *n.* (לעטה'-ער-הוואוד) לעדער=האלץ [אזא ביימעל מיט א הארטער קארע וואס וואקסט אין נארד=אמעריקא; אזא בוים אדער קוסט אין אויסטראליען].

leath'ery *a.* (לעטה'-ער-אי) לעדערארטיג, ווי לעדער.

leave *v. and n.* (ליעוו) 1. לאזען; צוריקלאזען; איבערלאזען; פערלאזען; אויפהערען; 2. אבפאהרען; 3. געבען אורלויב [בעפרייאונג אויף א צייט פון דיענסט]; ערלויבען; 4. ארויסלאזען בלעטער; 5. אן ערלויבניס; אן אורלויב; 6. אן אבשיעד.

1. **Leave** me alone. I am too busy to see you. 2. He **leaves** on the next train. **5. He** secured **leave** to visit his parents.

leave alone' (ליעוו ע-לאון') לאזען צורוה, ניט שטערען.

leaved *a.* (ליעווד) בלעטערדיג, מיט בלעטער.

leave in the cold (ליעוו אין טהי קאולד) פערנאכלעסיגען, פערזעהן.

leav'en *n. and v.* (לעוון) זויערטייג, ראשטשינע; עטוואס וואס מאכט אן ענדערונג דורך אן אונזיכטבארען איינפלוס; אן אונזיכטבארער איינפלוס וואס ווירקט פערדארבענד; מאכען אויפגעהן אדער לייכט ווי טייג דורך זייערען; האבען א ווירקונג דורך אן אונזיכטבארען איינפלוס.

leav'ening *n.* (לעוו'נ-אינג) דאס מאכען אויפגעהן און לייכט דורך זויערטייג [ווי טייג]; דאס מאכען איהרען אדער געהרען, דאס זייערען.

leave of ab'sence (ליעוו אוו עב'-סענס) אורלויב [בעפרייאונג אויף א געוויסער צייט פון דיענסט].

leave off (ליעוו אף) אויפהערען, אוועקווארפען, אויפגעבען, אוועקלעגען.

leave one in the dark (ליעוו הוואן אין טהי דארק) האלטען בסוד עפעס פון אימעצען.

leave one in the lurch (ליעוו הוואן אין טהי לוירטש) לאזען אין שטיך, לאזען אין פערלעגענהייט.

leave one with the bag (ליעוו הוואן הוויטה טהי בעג) לאזען אין שטיך, לאזען אין פערלעגענהייט.

leave out (ליעוו אוט) אויסלאזען, דורכלאזען.

leave out in the cold (ליעוו אוט אין טהי קאולד) לאזען מיט דער בייטש, לאזען ביי גארנישט.

lea'ver *n.* (ליע'-ווער) א ויברח=מאכער; איינער וואס איז עוקר אדער פערשווינדט; איינער וואס פערלאזט.

leaves *n.* (ליעווז) בלעטער. ז. *leaf*.

leave'-ta'king *n.* (ליעוו'-טיי'-קינג) דאס נעהמען אבשיעד; דאס געזעגענען זיך; א זיי=געזונד.

leave word (ליעוו הווארד) לאזען וויסען, אנזאגען.

Leave word of your arrival.

lea'ving *n.* (ליע'-ווינג) דאס שיידען זיך, דאס פערלאזען, דאס אברייזען; עטוואס וואס בלייבט נאך אדער פאלט אב.

lea'vings *n.* (ליע'-ווינגז) רעשטלעך, איבערבלייבעכץ, אבפאל, שריים.

The dog is fed on the **leavings**.

lea'ving-shop *n.* (ליע'-ווינג-שאפ) א לאמבארד אדער לייה=הויז [אן ארט וואו מען לייהט אויף משכנות], וואס האט ניט קיין געזעצליכע ערלויבנים.

lech'er *n. and v.* (לעטש'-ער) א בעל=תאוה, א נואף; פיהרען א לעבען פון תאוה און נאוף.

lech'erous *a.* (לעטש'-ער-אס) תאוה'דיג, נאוף'דיג; וואס ערוועקט תאוה.

lech'erously *adv.* (לעטש'-ער-אס-לי) אויף א תאוה'דיגען אופן; מיט תאוה, מיט נאוף.

lech'erousness *n.* (לעטש'-ער-אס-נעס) תאוה, נאוף; דאס זיין תאוה'דיג.

lech'ery *n.* (לעטש'-ער-אי) תאוה; נאוף.

lec'tern *n.* (לעק'-טוירן) א לעזע=פולט אדער סטענדער אין א קירך.

lec'tion *n.* (לעק'-שאן) דאס לעזען; א לעזע=ארט; א נוסח אין א בוך אדער שריפט; א קאפיטעל פון דער ביבעל אדער אנדערער הייליגער שריפט וואס ווערט פארגעלעזען אין קירך.

lec'tionary *n.* (לעק'-שאנ-ע-רי) א בוך וואס ענטהאלט קאפיטלעך פון דער ביבעל אדער פון אנדערע הייליגע שריפטען, וועלכע ווערען פארגעלעזען אין קירך.

lec'tor *n.* (לעק'-טאר) א פארלעזער פון תפילות אין א קירך.

lec'trice *n.* (לעק'-טרים) א פארלעזערין.

lec'tual *a.* (לעק'-טשו-על) וואס בינדט צום בעט [א מעדיצינישער אויסדרוק וועגען א קראנקהייט וועלכע בינדט צום בעט].

lec'ture *n. and v.* (לעק'-טשור) א פארלעזונג, א לעקציע; א פרעדיגט, א מוסר=דרשה; האלטען פארלעזונגען; אונטערריכטען, געבען לעקציעס; געבען א לעקציע, אויס'מוסר'ען.

lec'turer *n.* (לעק'-טשור-ער) א לעקטאר, איינער וואס האלט לעקציעס אדער פארטרעגע; א פראפעסאר; א הילפס=פרעדיגער.

lec'ture-room *n.* (לעק'-טשור-רוהם) אן אודיטאריע, א זאל, וואו עס ווערען געהאלטען פארלעזונגען אדער לעקציעס.

lec'tureship *n.* (לעק'-טשור-שיפ) דאס אמט פון א פראפעסאר, לעקטאר, פארלעזער אדער פרעדיגער.

lec'turess *n.* (לעק'-טשור-עס) א לעקטארין, א פרוי וואס האלט לעקציעס אדער פארטרעגע.

led (לעד) געפיהרט, געלייטעט. ז. *lead*.

I am **led** to believe that you are mistaken.

ledge *n.* (לעדזש) א פאליצע; א ראנד, א לייסט; א געזימס; א שיכט; עטוואס וואס שטארצט ארויס; א רייה פון פעלזען=שטיינער אונטערן וואסער; אין דרוקעריי — קלינעס אדער קלאמערס געברויכט ביים שליסען דרוק=זאץ אין א ראהם.

ledg'er *n.* (לעדזש'-ער) א שטאנג, באלקען, א שטיין וואס ליגט האריזאנטאל; א קווער=באלקען; דאס הויפט=בוך [אין בוכפיהרונג].

ledg'er-book *n.* (לעדזש'-ער-בוק) דאס הויפט=בוך אין בוכהאלטעריע.

ledg'ment *n.* (לעדזש'-מענט) אין אר=

כיטעקטור — א געזימס, אן ארויסשטאר-צונג.

led horse (לעד האהרס) א זאפאסנער פערד וואס ווערט געברויכט איין א נויט; א לאסט-פערד.

lee *n. and a.* (ליע) די זייט, וועלכע איז געשיצט פון ווינד אדער נאך וועלכער דער ווינד בלאזט [וועגען א שיף]; שי-צונג; וואס איז שייך צו דער זייט וואס איז געשיצט פון ווינד אדער נאך וועלכער דער ווינד בלאזט.

lee'-board *n.* (ליע'-באורד) אזא לאנג, פלאך ברעט וואס ווערט בעהעפט צו דער זייט פון א פלאכער שיף צו שיצען זי פון ווינד [אזעלכע ברעטער זיינען פאראן פוןביידע זייטען].

leech *n. and v.* (ליעטש) א פיאווקע [א בלוט-איגעל]; א בלוט-זויגער; א דאקטאר; דער ראנד פון א זעגעל; לויג; אש-לויג; היילען, דאקטארען; שטעלען פיאווקעס; ווייקען אין לויג.

leechee' *n.* (ליע-טשיע') ז. *lichi*

lee'cher *n.* (ליע'-טשער) איינער וואס שטעלט פיאווקעס [בלוט-איגעל]; איי-נער וואס לאזט בלוט [אלס הייל-מיטעל].

leech'-fee *n.* (ליעטש'-פיע) דאקטאר-האנאראר, דאקטאר-געצאהלט.

leech'-fish'ing *n.* (ליעטש'-פיש'-אינג) דאס כאפען פיאווקעס [בלוט-איגעל].

lee'ching *n.* (ליע'-טשינג) היילונג, קוי-ראציע.

leech'-line *n.* (ליעטש'-לאין) א שטריק, מיט וועלכען מען שנורט איין דעם אונ-טערשטען זעגעל פון א שיף.

leech'-rope *n.* (ליעטש'-ראופ) דער ווערטיקאלער טייל פון א שטריק, מיט וועלכען עס איז ארומגענעהט דער זעגעל.

lee'fang *n.* (ליע'-פענג) א שטריק וואס האלט צו פון אונטען א געוויסען זעגעל אין מיטען פון דער שיף, בעת מען ציהט איהם אן.

lee'-gage *n.* (ליע'-גיידזש) א גינסטי-גערע לאגע בנוגע צום ווינד, א גרעסערע דערווייטערונג פון ווינד [אלס פערגלייך צווישען צוויי אדער מעהרערע שיפען].

leek *n.* (ליעק) פארריי [אזא פלאנצע מיט ברייטע בלע-טער, עהנליך צו א ציבע-לע].

Leek

leek'-green *n.* (ליעק'-גריען) פארריי-גרין [א פארב ווי פון פארריי]. ז. *leek*

lee lurch (ליע לוירטש) דאס בויגען זיך אויף א זייט אין א שטורם-וועטער [וועגען א שיף].

leer *n. and v.* (ליער) א זייטיגער קוק, אן אויס-דרוקספאלער בליק, א וואונק, א ליעבע-בליק; א קיהל-אויווען [אין גלאז-פאברי-קאציאן]; ווארפען א זייטיגען בליק, אויסדריקען אויסדרוקספאל, קוקען מיט פערליעבטע בליקען; פערפיהרען דורך כיטרע אדער פערליעבטע בליקען.

leer'ingly *adv.* (ליער'-אינג-לי) מיט א זייטיגען קוק; מיט פערליעבטע בליקען; כיטרע אדער בעדייטונגספאל צוואווינקענ-דיג.

leer'-pan *n.* (ליער'-פען) א מין פאן, אין וועלכער מען האלט גלעזערנע כלים, ווען מען קיהלט זיי אב [אין גלאז-פאברי-קען].

lees *n.* (ליעז) הייוועז, אבזאץ, פסולת [פון משקאות].

lee shore (ליע שאור) א ברעג וואס דער ווינד בלאזט אין דער ריכטונג צו איהם.

lee side (ליע סאיד) די זייט פון א שיף וואס איז געשיצט פון ווינד.

leet *n.* (ליעט) א פארצייטיגער פריצישער געריכט אין ענגלאנד; דער דיסטריקט וואס איז געווען אונטערגעווארפען אונטער דער יורידיקציע פון אזא געריכט; דער גע-ריכטס-טאג; א פארציאן, א חלק; א צע-טעל פון קאנדידאטען פאר אן אמט.

leet'-ale *n.* (ליעט'-אייל) א יום-טוב בעת דער ערעפנונג פון געריכט [אמאל אין ענגלאנד]. ז. *leet*

lee tide (ליע טאיד) דאס שטראמען פון דעם וואסער נאך דער ריכטונג פון ווינד.

lee'ward *a., adv. and n.* (ליע'-הווארד) וואס איז אין דער ריכטונג פון דעם ווינד; וואס איז שייך צו דער זייט, נאך וועל-כער דער ווינד בלאזט; אין דער ריכטונג פון דעם ווינד; די ריכטונג, נאך וועלכער דער ווינד בלאזט.

lee'wardly *a.* (ליע'-הווארד-לי) וואס איז אין דער ריכטונג, נאך וועלכער דער ווינד בלאזט.

lee'ward tide (ליע'-הווארד טאיד) ז. *lee tide*

lee'way *n.* (ליע'-הוויי) די דרייף, דער .1 אבווייכונג פון שיף, וועלכע עס טראגט דער וואסער-שטראם אדער עס טרייבט דער ווינד, פון דעם ריכטיגען וועג; .2 עקסטרא צייט אדער שטח; .3 דאס בלייבען צוריקשטעלענד.

2. I can not finish the job in the time specified. I must have some **leeway**.

left *a., adv. and n.* (לעפט) לינק, וואס איז אויף דער לינקער זייט; לינקס; די לינקע זייט; דער לינקער טייל, די לינקע, די אפאזיציאן [אין אייראפעאישען פארלאמענט].

left about'! (לעפט ע-באוט') לינקס! קעהרען [א מיליטערישע קאמאנדע זיך אומצודרעהען לינקס מיט'ן געזיכט אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג].

left about' turn! (לעפט ע-באוט' טוירן) ז. *left about!*

left'-hand *a.* (לעפט'-הענד) וואס גע-פינט זיך לינקס; וואס עפענט זיך אדער דרעהט זיך נאך לינקס.

left'-han'ded *a.* (לעפט'-הענ'-דעד) געלינקס; אונגעשיקט, אונגעלומפערט, ניט ריהרעוודיג; לינק; אונאויפריכטיג; כלומר'שטדיג; געריכטעט נאך לינקס.

left'-han'ded mar'riage (לעפט'-הענ'-דעד מער'-אידזש) די מארגאנאטישע הייראט [ווען איינער פון א קייזערליכער אדער פירסטליכער פאמיליע האט חתונה מיט א פרוי פון א נידריגערען שטאנד און פערקעהרט]. ז. *morganatic*

left'-han'dedness *n.* (לעפט'-הענ'-דעד-נעס) געלינקטקייט; אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט, ניט-ריהרעוודיגקייט.

left'-han'der *n.* (לעפט'-הענ'-דער) א געלינקטער; א קלאפ מיט דער לינקער האנד; אן אונערווארטעטער קלאפ, א קלאפ פון א זייט, פון וועלכער מען האט דעם קלאפ ניט ערווארטעט; א קינזשאל, וואס מען פלעגט אין די אלטע צייטען האלטען אין דער לינקער האנד ביים ראפירען-גע-פעכט.

left'ness *n.* (לעפט'-נעס) דאס זיין אויף דער לינקער זייט.

left'-off *a.* (לעפט'-אף) וואס ווערט שוין מעהר ניט געטראגען [וועגען קליי-דער].

left out in the cold (לעפט אוט אין טהי קאולד) פערבליבען מיט דער בייטש, געבליבען ביי גארנישט.

left to oneself' (לעפט טו הוואן-סעלף') אונגעשיצט, הילפלאז; געשטיצט אויף איי-גענע כחות; געלאזט צו-רוה.

left ven'tricle (לעפט ווענ'-טריקל) דער לינקער הארץ-קאמער. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

left'ward *adv.* (לעפט'-הווארד) נאך לינקס.

leg *n.* (לעג) א פוס; פוס-ביין; דער טייל פון פוס צווישען דער קניע און דעם פוס-טריט; א פאלקע; א פיסעל [פון א טיש, א שטוהל א. ז. וו.]; עפעס וואס האלט אונטער מאראליש אדער פיזיש; דער טייל זאק אדער הויזען וואס בעדעקט דעם פוס; דער טייל פעלד אין קריקעט-שפיעל וואס ליעגט צו דער לינקער זייט און הינטער דעם אבקלאפער; דער שפיע-לער וואס פערנעהמט דיזען טייל פעלד; א שווינדלער.

leg. אבקירצונג פון *legato*

leg'able *a.* (לעג'-עבל) וואס מען קען איבערגעבען בירושה.

leg'acy *n.* (לעג'-ע-סי) א ירושה; כא-ראקטער-איינגעשאפטען וואס געהען אי-בער פון עלטערען צו קינדער.

leg'acy-hun'ter *n.* (לעג'-ע-סי-האנ'-טער) א ירושה-יעגער, איינער וואס שטרעבט דורך חניפה אדער אנדערע עהנ-ליכע מיטלען צו ווערען אימעצענס יורש.

leg'acy-hun'ting *n.* (לעג'-ע-סי-האנ'-טינג) דאס יאגען זיך נאך א ירושה. ז. *legacy-hunter*

le'gal *a. and n.* (לי'-געל) לעגאל, גע-זעצליך, געריכטליך; געזעצליך גילטיג; וואס איז לויט דעם בוכשטאב פון תורת משה; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — וואס איז שייך צו דער לעהרע, אז נור מעשים טובים פערזיכערען דעם גן-עדן.

le'gal advi'ser (לי'-געל עד-וואי'-זער) אן אדוואקאט פון א פירמע אדער געזעלשאפט, וואס פערטרעט איהרע אינ-טערעסען פאר'ן געזעץ.

le'gal claim (לי'-געל קליים) דאס גע-זעצליכע רעכט אויף עפעס.

le'gal debt (לי'-געל דעט) א חוב וואס איז געזעצליך גילטיג און וואס קען אויפ-געמאהנט ווערען דורך א געוועהנליכען גע-ריכט.

le'gal force (לי'-געל פאורס) רעכטס-גילטיגקייט.

le'gal heir (לי'-געל עהר) א געזעצ-ליכער יורש [וואס איז בערעכטיגט צו א ירושה לויט דעם געזעץ און ניט לויט א צואה].

legalisa'tion *n.* (לי-געל-אי-זיי'-שאן) ז. *legalization*

le'galise *v.* (לי'-געל-איז) ז. *legalize*

le'galism *n.* (לי'-געל-איזם) דאס שטרענגע האלטען זיך אן דעם בוכשטאב פון דעם געזעץ; דאס האלטען זיך מעהר אן דעם בוכשטאב פון די הייליגע שריפ-טען ווי אן דעם גייסט פון די ווערטער; די לעהרע, אז בלויז דורך מעשים טובים קען מען פערדיענען דעם גן-עדן.

le'galist *n.* (לי'-געל-איסט) איינער וואס האלט זיך שטרענג אן דעם בוכשטאב פון געזעץ; איינער וואס האלט זיך שטרענג אן דעם בוכשטאב פון די הייליגע שריפטען.

legal'ity *n.* (לי-געל'-אי-טי) געזעצליכ-

קייט, לעגאַליטעט; דאס האַלטען מעהר פון'ם בוכשטאַב ווי פון'ם גייסט פון די הייליגע שריפטען; דאס גלויבען, אַז מעשים טובים און ניט די געטליכע גנאַד מאַכען זעליג [אין דער קריסטליכער טע־אָלאָגיע].

legaliza'tion *n.* (לי־געל־אי־זיי'־שאַן) לעגאַליזירונג, דאס מאַכען עפּעס רעכטמע־סיג געזעצליך; אויטאָריזירען, סאַנקציאָ־נירען, בערעכטיגען; אין טעאָלאָגיע — דאס אננעהמען אדער דאס אויסטייטשען די הייליגע שריפטען לויט דעם בוכשטאַב און ניט לויט דעם גייסט.

le'galize *v.* (לי'־געל־איז) לעגאַליזירען, מאַכען געזעצליך, ערקלערען עפּעס פאַר גע־זעצליך, סאַנקציאָנירען; פערטייטשען אדער מקיים זיין די געבאָטען פון די היי־ליגע שריפטען לויט'ן גייסט פון לעגאַליזם, וואס האַלט מעהר פון בוכשטאַב ווי פון גייסט.

le'gally *adv.* (לי'־געל־אי) אויף אַ גע־זעצליכען שטייגער; לויט דעם געזעץ.

le'galness *n.* (לי'־געל־נעס) ז. ***legality***

le'gal per'son (לי'־געל פּויר'־סאַן) אַ יורידישע פּערזאָן [אַ פּערזאָן, קערפּער־שאַפט אדער פירמע, וואס ווערט געזעצ־ליך אנערקענט און קען קלאַגען אדער אָנ־געקלאַגט ווערען].

le'gal proce'dure (לי'־געל פּראָ־סי'־דזשור) די מעטאָדען, די סיסטעם אדער די אַרט פון געריכטס־פיהרונג.

A knowledge of legal procedure is often more essential to a lawyer than a knowledge of the law.

le'gal profes'sion (לי'־געל פּראָ־פעש'־אַן) אַדוואָקאַטור, די יוריסטישע פּראָפע־סיאָן.

le'gal rela'tion (לי'־געל רי־ליי'־שאַן) די געזעצליכע רעכטען און פליכטען פון איין פּערזאָן צו אַ צווייטער.

le'gal ten'der (לי'־געל טענ'־דער) וואס ווערט געזעצליך אנגענומען אלס געלד צו צאָהלען חובות.

Copper coins are not legal tender except for a very limited amount.

leg'antine *a.* (לעג'־ען־טין) ז. ***legatine***

leg'atary *n.* (לעג'־ע־טע־רי) אַ יורש, איינער וועמען מען זאָגט עפּעס אָב בצוואה.

leg'ate *n.* (לעג'־אייט) אַ געזאַנדטער, אַ פערטרעטער פון אַ שטאַאַט אדער רע־גיערונג אין אַ פרעמדער מלוכה; אַ לע־גאַט, אַ פערטרעטער אדער געזאַנדטער פון דעם רוימישען פּאַפּסט.

leg'ate a lat'ere (לעג'־אייט ע לעט'־ע־ריע) דעם פּאַפּסט'ס פערטרעטער אדער געזאַנדטער, וואס איז אַ קאַרדינאַל.

leg'ate de lat'ere (לעג'־אייט די לעט'־ע־ריע) דעם פּאַפּסט'ס געזאַנדטער אדער פּערטרעטער, וואס איז ניט קיין קאַרדי־נאַל.

legatee' *n.* (לעג־ע־טיע') ז. ***legatary***

leg'ateship *n.* (לעג'־אייט־שיפּ) דאס אַמט, די ווערדע פון אַ לעגאַט, געזאַנדטען אדער פערטרעטער. ז. ***legate***

leg'atine *a.* (לעג'־ע־טין) וואס איז שייך צו אַ לעגאַט [דעם פּאַפּסט'ס אַ געזאַנדטער אדער פערטרעטער].

lega'tion *n.* (לי־גיי'־שאַן) געזאַנדשאַפט; דאס אַמט פון אַ געזאַנדטען; די קאַנצע־לאַריע פון אַ געזאַנדשאַפט; אין די אַמע־ריגע צייטען — איינער פון די זעקס שטאַאַטען אונטער דעם פּאַפּסט'ס הער־שאַפט.

lega'tionary *a.* (לי־גיי'־שאַנ־ע־רי) וואס איז שייך צו אַ געזאַנדשאַפט. ז. ***legation***

legatis'simo *a. and adv.* (לעי־גע־טיע'־סי־מאָ) אין מוזיק — לעגאַטיסימאָ, זעהר גלאַט, זעהר פערבונדען, אין גאַנ־צען אהן אונטערברעכונגען. ז. ***legato***

leg'ative *a. and n.* (לעג'־ע־טיוו) וואס מאַכט פאַר אַ לעגאַט אדער געזאַנדטען; וואס גיט די מאַכט פון אַ לעגאַט; אַ לע־גאַט. ז. ***legate***

lega'to *a., adv. and n.* (לע־גאַ'־טאָ) אין מוזיק — לעגאַטאָ, גלאַט, פערבונדען, אהן אונטערברעכונגען, געגומען מיט איין אָטעם אדער מיט איין פּיהר פון'ם בויגען [ווערט בעצייכענט מיט ⌒ איבער די נאָטען אדער מיט ⌣ אונטער די נאָטען]; דאס שפּיעלען לעגאַטאָ.

lega'tor *n.* (לי־גיי'־טאָר) איינער וואס זאָגט אָב בצוואה.

legatu'ra *n.* (לעג־ע־טוה'־רא) אין מו־זיק—דער צייכען פון לעגאַטאָ. ז. ***legato***

leg'-bail *n.* (לעג'־בייל) דאס מאַכען פּליטה; דאס אנטלויפען פון אַרעסט אדער געפענגנשאַפט.

leg'-by *n.* (לעג'־באַי) אַ וואַרף פון אַ באַל אין קריקעט־שפּיעל, אַזוי אַז ער טרעפט דעם שפּיעלער [אָבער ניט אין דער האַנד] וואס דאַרף איהם אָבקלאַפּען.

leg'end *n. and v.* (לעדזש'־ענד אדער ליע'־דזשענד) אַ לעגענדע, אַ וואונדער־גע־שיכטע, אַ פאָלקס־געשיכטע וועגען פאַרציי־טיגע וואונדער [וואס איז ניט ריכטיג]; מוזיק צו אַ לעגענדע; אַ זאַמלונג פון היי־ליגע קריסטליכע שריפטען; אַ זאַמלונג פון געשיכטען וועגען קריסטליכע הייליגע; אַן אויפשריפט אויף אַ מטבע; דערצעה־לען ווי אַ לעגענדע; פערפאַסען אַ לעגענ־דע; מאַכען אַן אויפשריפט אויף אַ מטבע.

leg'endary *a. and n.* (לעדזש'־ען־דע־רי) לעגענדאַריש, פאַבעלהאַפט; אַ זאַמ־לונג פון לעגענדען; אַ זאַמלונג פון לע־בענס־געשיכטען פון קריסטליכע הייליגע; אַ שרייבער אדער דערצעהלער פון לע־גענדען. ז. ***legend***

leg'endist *n.* (לעדזש'־ען־דיסט) אַ לעגענדען־שרייבער.

leg'endize *v.* (לעדזש'־ען־דאַיז) מאַכען אַן אויפשריפט אויף אַ מטבע; פערוואַנד־לען אין אַ לעגענדע. ז. ***legend***

leg'er *a.* (לעדזש'־ער) (ווע־דיג, שמאָל [ווע־גען ליניען]. ז. ***leger line***

legerdemain' *n.* (לעדזש־ער־די־מיין') אַ קונץ־שטיק, אַ פּאָקוס, אַ שווינדעל.

legerdemai'nist *n.* (לעדזש־ער־די־מיי'־ניסט) אַ פּאָקוסניק, אַ קונצען־מאַכער.

leg'er line (לעדזש'־ער לאַין) אין מו־זיק — אַ צוגעגעבענע ליניע [איבער אדער אונטער די געוועהנליכע פינף נאָ־טען־ליניען].

leg'er space (לעדזש'־ער ספּיים) דער שטח צווישען די צוגעגעבענע ליניען [אין מוזיק]. ז. ***leger line***

legged *a.* (לעגד) פיסיג, וואס האָט פיס.

leggia'dro *adv.* (לע־דזשאַ'־דראָ) מיט לעבעדיגקייט, לוסטיג [אַ בעצייכנונג אין מוזיק].

leggie'ro *a. and adv.* (לע־דזשיי'־ראָ) אין מוזיק — לייכט און שנעל.

leg'gin *n.* (לעג'־אין) ז. ***legging***

leg'ging *n.* (לעג'־אינג) אַ לעדערנע אדער וואָלענע כאַליאַווע ביז די קניע וואס מען טראָגט אויף די שיך.

leg'gism *n.* (לעג'־איזם) דאס שווינדלען,

דאס לעבען פון וועטען אדער שפּילעלע [אין קאָרטען].

leg'-har'ness *n.* (לעג'־האַר'־נעס) דער פוס־פּאַנצער.

leg'horn *a. and n.* (לעג'־האָרן) וואס איז שייך צו דער שטאָדט ליוואָרנאָ [אי־טאַליען]; וואס קומט פון ליוואָרנאָ, גע־מאַכט אין ליוואָרנאָ; געמאַכט פון איטאַ־ליענישען שטרוי [וועגען היט]; איטאַ־ליעניש שטרוי [פאַר היט]; אַ הוט גע־מאַכט פון איטאַליענישען שטרוי.

Leg'horn *n.* (לעג'־האָרן) אַזאַ מין שפּאַ־נישע היהנער פון קליינעם וואוקס, וואס לעגען קליינע ווייסע אייער.

leg'horn plait (לעג'־האָרן פּלייט) גע־פלאַכטענעם ליוואָרנער שטרוי [פאַר היט].

leg'horn straw (לעג'־האָרן סטראָה) לי־וואָרנער אדער איטאַליענישעס שטרוי [פון אַזאַ מין ווייץ, געברויכט פאַר היט].

legibil'ity *n.* (לעדזש־אי־ביל'־אי־טי) לעזבאַרקייט, לייכטקייט [צום לעזען]; קלאָרקייט, דאס קענען דערקענען אדער בעמערקט ווערען.

His handwriting was remarkable for his legibility.

leg'ible *a.* (לעדזש'־איבל) לעזבאַר, לייכט צום לעזען; קלאָר, וואס מען קען דערקע־נען.

leg'ibleness *n.* (לעדזש'־איבל־נעס) ז. ***legibility***

leg'ibly *adv.* (לעדזש'־אי־בלי) אַזוי מען זאָל קענען לייכט לעזען אדער דער־קענען; אויף אַ קלאָרען, לעזבאַרען אופן.

le'gion *n. and v.* (לי'־דזשאַן) אַ לע־גיאָן [אַ מיליטערישע אַבטיילונג פון פוס־סאָלדאַטען אין אַמאָליגען רוים]; אַ מי־ליטער־אַבטיילונג; אַ רעגימענט, אַ מחנה; אַ גרויסע צאָהל; אָרדענירען אין אַ לע־גיאָן, פאָרמירען אַ לעגיאָן.

le'gionary *a. and n.* (לי'־דזשאַ־נע־רי) וואס איז שייך צו אַ לעגיאָן; וואס בעשטעהט פון לעגיאָנען; צאָהלרייך; איינער פון אַ לעגיאָן, אַ סאָלדאַט פון אַ לעגיאָן. ז. ***legion***

Legionary

le'gionize *v.* (לי'־דזשאַ־נאַיז) פאָרמירען אַ לעגיאָן.

Le'gion of Hon'or (לי'־דזשאַן אָוו אָנ'־אָר) דער עהרען־לעגיאָן [אַן אויס־צייכנונגס־אָרדען אין פראַנקרייך].

leg'islate *v.* (לעדזש'־איס־לייט) מאַכען

געזעצע, ארויסגעבען געזעצע; דורכפיה־רען עפּעס דורך געזעצגעבונג.

legisla'tion *n.* (לעדזש־איס־לײ׳־שאַן) געזעצגעבונג; געזעץ־מאַכונג; דאָס געזעץ.

leg'islative *a.* (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ) געזעצגעבענד; וואָס איז שייך צו אַ גע־זעצגעבער אָדער צו אַ געזעצגעבענדער פערזאַמלונג.

Leg'islative Assem'bly (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ ע־סעמ׳־בלי) די געזעצגע־בענדע קערפּערשאַפטען פון פראַנקרייך אין די יאָהרען 2—1791 און 51—1849; די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט פון דעם שטאַאַט אָרעגאָן און די טעריטאָריעס [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמע־ריקאַ].

leg'islative bod'y (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ באָד׳־אי) אַ געזעצגעבענדע קערפּער־שאַפט, אַ פּאַרלאַמענט.

leg'islatively *adv.* (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ־לי) דורך געזעצגעבונג; דורך אַ גע־זעצגעבענדער קערפּערשאַפט.

leg'islative pow'er (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ פּאַו׳־ער) געזעצגעבענדע מאַכט, די מאַכט ארויסצוגעבען און ענדערען געזעצע.

Leg'islative U'nion (לעדזש׳־איס־לײ־טיװ יו׳־ניאָן) די פעראייניגונג פון ענגלאַנד מיט אירלאַנד [אין יאָהר 1800].

leg'islator *n.* (לעדזש׳־איס־לײ־טאָר) אַ געזעצגעבער; אַ מיטגליעד פון אַ גע־זעצגעבענדער קערפּערשאַפט.

legislato'rial *a.* (לעדזש־איס־לײ־טאָ׳־רי־על) געזעצגעבעריש.

leg'islatorship *n.* (לעדזש׳־איס־לײ־טאָר־שיפּ) דאָס אַמט פון אַ געזעצגעבער אָדער פון אַ מיטגליעד פון אַ געזעצגע־בענדער קערפּערשאַפט.

leg'islatress *n.* (לעדזש׳־איס־לײ־טרעס) אַ געזעצגעבערין.

legisla'trix *n.* (לעדזש־איס־לײ׳־טריקס) אַ געזעצגעבערין.

leg'islature *n.* (לעדזש׳־איס־לײ־משור) אַ געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט.

le'gist *n.* (לי׳־דזשיסט) אַן אויטאָריטעט אין יוריספּרודענץ, אַ געזעץ־קענער.

leg'itim *n.* (לעדזש׳־אי־טים) ז. *legitime*

legit'imacy *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מײ־סי) געזעצליכקייט; געזעצמעסיגקייט; רעכט־מעסיגקייט; ריכטיגקייט; נאַטירליכער אָדער לאָגישער רעזולטאַט; לעגיטימי־טעט [דאָס געבוירען ווערען פון אַ גע־זעצליכער פּאָר].

legit'imate *v. and a.* (לי־דזשיט׳־אי־מייט) מאַכען געזעצליך, געזעצמעסיג אָדער רעכטמעסיג; לעגיטימירען [ער־קלערען פאַר געזעצליך אַן אונגעזעצליך קינד]; געזעצמעסיג, רעכטמעסיג, בערעכ־טיגט; פון געזעצליכער געבורט [ניט קיין ממזר]; לאָגיש־ריכטיג, בעגרינדעט; ריכ־טיג, ניט געפעלשט.

legit'imate dra'ma (לי־דזשיט׳־אי־מייט דראַ׳־מאַ) אַן אמת׳ע ליטעראַרישע אָדער קלאַסישע דראַמאַ; אַ רעגעלמעסי־גע דראַמאַטישע ביהנע [אין געגענזאַץ צו וואָדעוויל].

Vaudeville acting is considered the best training for the **legitimate drama**.

legit'imately *adv.* (לי־דזשיט׳־אי־מייט־לי) אויף אַ געזעצליכען אָדער רע־געלמעסיגען אופן; ריכטיג, ניט געפעלשט.

legit'imateness *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מייט־נעס) ז. *legitimacy*

legitima'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מיי׳־שאַן) לעגאַליזירונג [דאָס מאַכען געזעצ־ליך]; דאָס לעגיטימירען [ערקלערען פאַר געזעצליך אַן אונגעזעצליך קינד]; אַ ציינ־ניס וואָס בערעכטיגט צו וואוינען אין גע־וויסע פּלעצער, זיך צו בעשעפטיגען מיט אַ געוויסער זאַך א. ד. ג.

legit'imatist *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מע־טיסט) ז. *legitimist*

leg'itime *n.* (לעדזש׳־אי־טים) דער טייל פון בעוועגליכען אייגענטום וואָס מען קען ניט אַוועקשענקען אָדער אַבזאָגען בצוואה צו פרעמדע, נאָר זיי מוזען בלייבען פאַר די קינדער.

legitimisa'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מי־זיי׳־שאַן) ז. *legitimation*

legit'imise *v.* (לי־דזשיט׳־אי־מאַיז) ז. *legitimize*

legit'imism *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מיזם) לעגיטימיזם, אַנהענגערשאַפט פון געזעצ־ליכער רעגירונגס־מאַכט אָדער פון גע־זעצליכער ערבשאַפט; די בעהויפּטונג, אַז די רעכטע פון זעלבסטהערשער קומען פון גאָט און אַז קעניגליכע הערשאַפט דאַרף איבערגעהן בירושה פון דור צו דור.

legit'imist *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מיסט) אַ לעגיטימיסט, אַן אַנהענגער פון געזעצ־ליכקייט, איינער וואָס גלויבט אין דעם געטליכען רעכט פון קעניגע אויף דעם טהראָן. ז. *legitimism*

Legit'imist *n.* (לי־דזשיט׳־אי־מיסט) אַ לעגיטימיסט [אין פראַנקרייך — אַן אַנהענגער פון די פּרעטענדענטען אויף׳ן פראַנצויזישען טהראָן, וואָס שטאַמען פון דעם קעניג לואיס דעם 14טען; אין שפּאַ־ניען — אַ קאַרליסט. ז. *Carlist*].

legitimis'tic *a.* (לי־דזשיט־אי־מיס׳־טיק) לעגיטימיסטיש. ז. *legitimism*

legitimiza'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מי־זיי׳־שאַן) ז. *legitimation*

legit'imize *v.* (לי־דזשיט׳־אי־מאַיז) מאַכען געזעצליך, געזעצמעסיג אָדער רעכטמעסיג; לעגיטימירען [ערקלערען פאַר געזעצליך אַן אונגעזעצליך קינד].

leg'less *a.* (לעג׳־לעס) אָהן פיס.

leg'let *n.* (לעג׳־לעט) אַ רינג אַלס ציע־רונג אויף׳ן פוס. ז. *anklet*

leg'-lock *n.* (לעג׳־לאָק) אַ פענטע, פוס־קאַנדאַלען.

leg'-rest *n.* (לעג׳־רעסט) עטוואָס און־טערצוהאַלטען די פיס; אַ ווייך בעשלאָ־גען ברעטעל אָדער קישעלע אונטערצו־האַלטען די פיס.

leg'-stretch'er *n.* (לעג׳־סטרעטש׳־ער) אַ טרונק בראַנפען.

leg'ume *n.* (לעג׳־יום) שויטען־פּרוכט [וואָס וואַקסט אין סטרוטשקעס]; אַר־בעס, באָב.

legu'men *n.* (לי־גיו׳־מען) ז. *legume*

legu'minar *a.* (לי־גיו׳־מי־נאַר) עהנ־ליך צו שויטען אָדער סטרוטשקעס־פּרוכט [ווי למשל, באָב]; וואָס איז שייך צו באָב און עהנליכע פּלאַנצען.

legu'miniform *a.* (לעג־יו׳־מין־אי־פאָרם) עהנליך צו שויטען אָדער סטרוטש־קעס־פּרוכט [ווי באָב, למשל].

legu'minose *a.* (לי־גיו׳־מי־נאָוס) ז. *leguminous*

legu'minous *a.* (לי־גיו׳־מי־נאַס) וואָס האָט שויטען אָדער סטרוטשקעס [ווי אַר־בעס, למשל].

Leibnit'zian *a. and n.* (לאַיב־ניט׳־זי־ען) וואָס איז שייך צו דעם דייטשען פילאָזאָף און מאַטעמאַטיקער גאָטפריעד ווילהעלם לייבניץ [געבאָרען אין 1646, געשטאָרבען אין 1716]; אַן אַנהענגער פון לייבניץ.

Leibnit'zianism *n.* (לאַיב־ניט׳־זי־ען־איזם) די פּרינציפּען פון לייבניצעס פילאָזאָפיע.

leipo'a *n.* (לאַי־פּאָו׳־אַ) דער אויסטראַ־לישער פּאַזאַן [אַ גרויסער אויסטראַלי־שער פויגעל].

Leipoa

lei'surable *a.* (ליע׳־זשור־עבל) וואָס איז ניט פערנומען, וואָס איז פריי.

lei'surably *adv.* (ליע׳־זשור־ע־בלי) פריי, ניט פערנומען.

lei'sure *n. and a.* (ליע׳־זשור) 1. פרייע צייט, לעדיגע צייט; 2. פריי, ניט בע־שעפטיגט.

1. He is a man of leisure. 2. He is at leisure evenings.

lei'sured *a.* (ליע׳־זשורד) לעדיג, ניט בעשעפטיגט.

lei'surely *a. and adv.* (ליע׳־זשור־לי) אין פרייער צייט; ניט געאײַלט, בעדאַכט, לאַנגזאַם.

They walked and talked **leisurely**.

le'man *n.* (לי׳־מען) אַ געליעבטער, אַ געליעבטע; קרויז, הארץ.

lem'ing *n.* (לעמ׳־אינג) ז. *lemming*

lem'ma *n.* (לעמ׳־ע) אַ לעמאַ, אַ זאַץ וואָס אויף איהם איז אויפגעבויט דער לאָגישער שלוס; די טהעמאַ, דער ענין; אין מאַטעמאַטיק — אַ הילפס־זאַץ, וואָס דיענט צו בעווייזען דעם הויפּט־זאַץ.

lem'ming *n.* (לעמ׳־אינג) דער לעמינג אָדער די סיבירער מויז [אַ קליין חיה׳לע וואָס געפינט זיך אין די קעלטערע גע־גענדען פון אייראָפּאַ].

Lemming

lem'on *n. and a.* (לעמ׳־אָן) אַ לימאָנע, אַ ציטראָן; וואָס איז צוגעריכט מיט ציט־ראָן, וואָס האָט אַ ציטראָן־געשמאַק; פון אַ ציטראָן־קאָליר.

lem'on ac'id (לעמ׳־אָן עס׳־איד) ציטראָן־זויערע.

lemonade' *n.* (לעמ־אָ־נייד׳) לימאָנאַד.

lem'on-col'or *n.* (לעמ׳־אָן־קאָל׳־אָר) ציטראָן־קאָליר.

lem'on-col'ored *a.* (לעמ׳־אָן־קאָל׳־אָרד) פון ציטראָן־קאָליר.

lem'on-drop *n.* (לעמ׳־אָן־דראָפּ) אַ ציטראָן־קאַנפעקט [קאַנפעקטען, וועלכע זיינען צוגעריכט מיט דעם זאַפט פון ציט־ראָנען].

lem'on-grass *n.* (לעמ׳־אָן־גראַס) מעל־היי [אַ אָסט־אינדיש גראָז וואָס ווערט בענוצט אַלס טהעע].

lem'on-juice *n.* (לעמ׳־אָן־דזשוס) ציטראָן־זאַפט.

lem'on-squee'zer *n.* (לעמ׳־אָן־סקוויז׳־ער) אַ ציטראָן־פּרעסער [אַ מאַ־

שינקע אויסצופרעסען דעם זאפט פון ציט-רענען].



Lemon-squeezer

Le'mur *n.* (לי'-מויר) דער מין לעמורען אדער האלב-אפען [חיות וואס זיינען עהנליך צו אפען, מיט א לאנגען עק און מיט שארפע שפיציגע ציינער. געפינען זיך אין אסט-אינדיען און אפריקא].

Lemur

lem'ures *n.* (לעמ'-יו-ריז) ביי די אלטע רוימער — די נשמות פון געשטארבענע, וועלכע פערוואנדלען זיך אין בייזע רוחות און פערפאלגען די מענשען.

lend *v.* (לענד) 1. לייהען אדער בארגען אימעצען; מאכען הלוואות; 2. געבען, לייסטען [הילף, שטיצע א. ד. ג.].

2. Lend a hand to the helpless.

len'dable *a.* (לענ'-דעבל) וואס מען קען פערלייהען.

lend a hand (לענד ע הענד) אונטערהעלפען; העלפען, שטיצען.

lend aid (לענד אייד) געבען הילף.

lend an ear (לענד ען איער) צוהערען.

len'der *n.* (לענ'-דער) איינער וואס פערלייהט געלד, א מלוה.

len'ding *n.* (לענ'-דינג) א געליהענע אדער געבארגטע זאך; א הלוואה; דאס לייהען.

le'ne *a. and n.* (לי'-ני) גלאט, זאנפט, ניט הויכענד [וועגען דער אויסשפראכע פון געוויסע בוכשטאבען]; א בוכשטאב וועלכער ווערט זאנפט און ניט הויכענד אויסגעשפראכען [ווי ק, פּ, ט]; דאס זאנפטע אטהעמען.

length *n.* (לענגטה) 1. לענג; 2. ווייטקייט, א מרחק; א שטח.

2. We walked the length of two miles.

leng'then *v.* (לענג'טהען) מאכען לענגער, פערלענגערען; אויסציהען; לענגער ווערען.

leng'thily *adv.* (לענג'-טהי-לי) אויסגעצויגען אין דער לענג; גאנץ לאנג.

leng'thiness *n.* (לענג'-טהי-נעס) לאנגקייט; דאס זיין לאנג, אויסגעצויגענקייט.

length of days (לענגטה אוו דייז) אריכת ימים; לאנג לעבען.

length'ways *adv.* (לענגטה'-הוועיז) ז. *lengthwise*

length'wise *adv.* (לענגטה'-הוואיז) אין דער לענג.

Arrange the tables lengthwise.

leng'thy *a.* (לענג'-טהי) לאנג; זעהר לאנג; פאנאנדערגעצויגען, לאנגווייליג.

The preacher delivered a lengthy sermon.

le'nience *n.* (לי'-ניענס) ז. *leniency*

le'niency *n.* (לי'-ניענ-סי) מילדקייט, לינדקייט.

The judge showed leniency in imposing the sentence upon the prisoner.

le'nient *a.* (לי'-ניענט) מילד, לינד; ניט שטרענג, גוטהארציג.

le'niently *adv.* (לי'-ניענט-לי) אויף א מילדען אדער לינדען אופן.

len'ify *v.* (לענ'-אי-פאי) מילדערען, לינדערען.

len'itive *a. and n.* (לענ'-אי-טיוו) מילדערענד, לינדערענד; א מעדיצין וואס מילדערט אדער לינדערט די שמערצען.

len'itiveness *n.* (לענ'-אי-טיוו-נעס) דאס זיין מילדערענד. ז. *lenitive*

len'ity *n.* (לענ'-אי-טי) מילדקייט, ווייכקייט, זאנפטקייט.

lens *n.* (לענז) א לינז [א שטיקעל גלאז אדער אנדער דורכזיכטיגעס מאטעריאל וואס איז בעגרענצט פון צוויי געבויגענע פלעכען אדער פון איין געבויגענער און איין גראדער פלעכע וואס האט דעם צוועק צו קאנצענטרירען ליכט-שטראהלען אדער זיי פאנאנדערצושפרייטען, ווי די גלעזער פון שפּאקטיוועז, ברילען, ברען-גלעזער א. ד. ג.]; די קריסטאל-לינז פון אויג.

Lenses

lent (לענט) געליהען, אוועקגעליהען. ז. *lend*

lent *a.* (לענט) אין מוזיק — לאנגזאם.

Lent *n.* (לענט) די פאסט-צייט [ביי קריסטען], וועלכע דויערט 40 טעג פאר זייער פסח.

lentan'do *adv.* (לענ-טענ'-דא) אין מוזיק — פערצעגערענדיג, פערלאנגזאמערענדיג.

len'ten *a.* (לענ'-טען) וואס געהערט צו דער קריסטליכער פאסט-צייט; בענוצט אין פאסט-צייט; ארעם, איינפאך, קלאגענדיג.

len'ten fare (לענ'-טען פעהר) א הונגער-מאהלצייט.

len'ten feast (לענ'-טען פיעסט) ז. *lenten fare*

lentic'ula *n.* (לענ-טיק'-יו-לא) א קליינע לינז; א פלעק [אויף פלאנצען].

lentic'ular *a.* (לענ-טיק'-יו-לאר) לינזען-ארטיג, ווי א לינז.

lentic'ularly *adv.* (לענ-טיק'-יו-לאר-לי) אויף א לינזען-ארטיגען אופן; מיט דער עהנליכקייט צו א לינז.

len'tiform *a.* (לענ'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון א לינז.

lentig'erous *a.* (לענ-טידזש'-ע-ראס) וואס האט א קריסטאל-לינז [ווי דאס אויג].

lentig'inose *a.* (לענ-טידזש'-אי-נאוס) געשפרענקעלט, געפלעקט [וועגען פלאנצען].

lentig'inous *a.* (לענ-טידזש'-אי-נאס) ז. *lentiginose*

lenti'go *n.* (לענ-טאי'-גאו) א זומער-שפרענקעל.

Lenti'go *n.* (לענ-טאי'-גאו) א געווייסער מין מאלוסקעלען.

len'til *n.* (לענ'-טיל) די לינזען-פלאנצע; א לינז; אזא לינזען-פערמיג געזעל אין אן אפאראט צום דיסטילירען אלקאהאל.

lentis'cus *n.* (לענ-טיס'-קאס) דער מאסטיק-בוים אדער פיסטאציען-בוים. ז. *mastic*

len'tisk *n.* (לענ'-טיסק) ז. *lentiscus*

lenti'tis *n.* (לענ-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער קריסטאל-לינז פון אויג.

len'to *a. and adv.* (לענ'-טאו) אין מוזיק — לאנגזאם, אויף א לאנגזאמען אופן.

len'toid *a.* (לענ'-טאיד) וואס האט די פארם פון א לינז.

len'tor *n.* (לענ'-טאר) קלעפּיגקייט; לאנגזאמקייט.

len'tous *a.* (לענ'-טאס) קלעפּעדיג.

l'envoi' *n.* (לאנ-וואוא) א שלום-שורה פון א פאעמע; א נאך-שריפט [א קליינע צוגאבע] צו א ליטעראַרישער שריפט אדער אויפזאץ.

l'envoy' *n.* (לאנ-וואוא') ז. *l'envoi*

Le'o *n.* (לי'-או) דער שטערן-בילד לייב [מזל אריה].

le'onine *a.* (לי'-א-נין) 1. לייביש, ווי א לייב; 2. וואס בעשטעהט פון א לעאנינישען פערז [א לאטיינישער פערז, וואס דער מיטען פון דער שורה גראמט זיך מיט איהר ענד].

1. He was full of leonine courage.

le'oninely *adv.* (לי'-א-נינ-לי) אזוי ווי א לייב.

leop'ard *n.* (לעפ'-ארד) א לעמפערט.

Leopard

lep'er *n.* (לעפ'-ער) א קרעציגער, א מצורע.

lep'erous *a.* (לעפ'-ער-אס) קרעציג, מצורע'דיג.

lep'id *a.* (לעפ'-איד) פרעהליך, מונטער, וויציג.

lep'idolite *n.* (לעפ'-אי-דא-לאיט) דער לעפּידאליט [א מין שטיין].

lepidop'ter *n.* (לעפ-אי-דאפ'-טער) א שמעטערלינג מיט שופּען-פליגעלעך.

Lepidop'tera *n.* (לעפ-אי-דאפ'-טע-רא) דער מין שמעטערלינגען וואס האבען שופען-פליגעלעך.

lepidop'teran *a. and n.* (לעפ-אי-דאפ'-טע-רען) וואס האט שופען-פליגעלעך; א שמעטערלינג מיט שופען-פליגעלעך.

lepidop'terous *a.* (לעפ-אי-דאפ'-טע-ראס) וואס האט שופען-פליגעלעך [וועגען געוויסע אינזעקטען].

lep'idote *a.* (לעפ'-אי-דאוט) שופּיג, בעדעקט מיט שופען [וועגען פלאנצען].

lep'idoted *a.* (לעפ'-אי-דאו-טעד) ז. *lepidote*

lep'oriform *a.* (לעפ'-א-רי-פארם) וואס האט די פארם פון א האז.

lep'orine *a.* (לעפ'-א-רין) וואס איז שייך צו א האז; האזען-ארטיג.

lep'ra *n.* (לעפ'-רא) לעפרא, קרעץ, צרעת.

lep'ric *a.* (לעפ'-ריק) קרעציג ; וואס איז שייך צו קרעץ אדער צרעת.

leprol'ogy *n.* (לעפ-ראל'-א-דזשי) לעפראלאגיע, דער טייל פון דער מעדיצין וואס פערנעהמט זיך מיט קרעץ [צרעת].

lep'rosery *n.* (לעפ'-רא-סע-רי) א שפיטאל פאר לעפרא-קראנקע [מצורעים].

lepros'ity *n.* (לעפ-ראס'-אי-טי) קרעציגקייט.

lit'erate *a. and n.* (ליט'-ע-רייט) געלערענט, געבילדעט; וואס האט צו טהאן מיט ביכער אדער ליטעראטור; א געלעהרטע פערזאן; א געבילדעטער מענש, וועלכער האט ניט געשטודירט אין א שוהל אדער אוניווערזיטעט.

litera'tim *adv.* (ליט-ע-ריי'-טים) בוכשטעבליך, אות באות.

lit'erator *n.* (ליט'-ע-ריי-טאר) א ליטעראט; א דרדקי מלמד [אין די אלטע צייטען].

lit'erature *n.* (ליט'-ע-רע-טשור) ליטעראטור; ליטערארישע ווערק.

lit'eratured *a.* (ליט'-ע-רע-טשורד) געלערענט; וואס האט ליטערארישע קענטניסע.

lith'arge *n.* (ליטה'-ארדזש) בליי⸗גלאזור [א מין געלבער אדער רויטליכער האלבדורכזיכטיגער שטאף, וואס בעקומט זיך ביים איבערברענען בליי ביי א גענוגענדען צופלוס פון לופט. ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון לאק, פאיאנס, קריסטאל א. ד. ג.].

lith'ate *n.* (ליטה'-אייט) א כעמישע זאלץ פון אורין⸗זויערע. ז. ***uric acid***.

lithe *a.* (לאיטה) וואס בויגט זיך לייכט אדער גראציעז; בויגזאם, בייגעדיג.

She has a **lithe** and handsome figure.

lithe'ly *adv.* (לאיטה'-לי) אויף א בויגזאמער ארט.

lithe'ness *n.* (לאיטה'-נעס) בויגזאמקייט, בויגיגקייט.

lith'er *a.* (ליטה'-ער) שלעכט; פערדארבען; פויל; אונגווירדיג.

lith'erness *n.* (ליטה'-ער-נעס) אונגווירדיגקייט; נידערטרעכטיגקייט.

lithe'some *a.* (לאיטה'-סאם) עטוואס געבויגען; בויגעדיג; שוואך; לייכט.

lithe'someness *n.* (לאיטה'-סאם-נעס) דאס זיין עטוואס געבויגען; בויגזאמקייט, צארטקייט.

lith'ia *n.* (ליטה'-אי-א) — אין כעמיע דאס ליטהיאן אדער ליטהיאום⸗אקסיד [א זויערשטאף⸗פערבינדונג מיט'ן מעטאל ליטהיאום]. ז. ***lithium***.

lithi'asis *n.* (לי-טהאי'-ע-סיס) די שטיין⸗קראנקהייט [א געוויסע קראנקהייט, ביי וועלכער עס בילדען זיך אויס שטיינדלעך אין די אורין⸗ארגאנען אדער אין אנדערע טיילען פון קערפער].

lith'ic *a.* (ליטה'-איק) שטייניג, וואס בעשטעהט פון שטיין; וואס איז שייך צו די שטיינדלעך וואס בילדען זיך אויס אין פענכער אדער אין די אנדערע אורין⸗ארגאנען; וואס געהערט צו ליטהיאום. ז. ***lithium***.

lith'ic ac'id (ליטה'-איק עס'-איד) אורין⸗זויערע. ז. ***uric acid***.

lithifica'tion *n.* (ליטה-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פערהארטעוועט ווערען אין א שטיין; דאס ווערען שטייניג.

lith'ium *n.* (ליטה'-אי-אם) ליטהיאום [א זעהר לייכטער און ווייכער מעטאל מיט א זילבער⸗ווייסען קאליר, וועלכער ווערט שנעל טונקעל אין דער לופט. ער געפינט זיך אין דעם אש פון טאבאק, אין בוריקעס א. ד. ג.].

lith'ocarp *n.* (ליטה'-א-קארפ) א פערשטיינערטע פרוכט.

lithochromat'ic *a.* (ליטה-א-קרא-מעט'-איק) ז. ***lithochromic***.

lithochromat'ics *n.* (ליטה-א-קרא-מעט'-איקס) ז. ***lithochromics***.

lithochro'mic *a.* (ליטה-א-קראו'-מיק) ליטאכראמיש, וואס איז געדרוקט אויף א שטיין מיט אויל⸗פארבען.

lithochro'mics *n.* (ליטה-א-קראו'-מיקס) די קונסט צו דרוקען אויף א שטיין מיט אויל⸗פארבען.

lith'oclast *n.* (ליטה'-א-קלעסט) א שטיין⸗האקער; א כירורגישער אינסטרומענט צו צורייבען א שטיינדעל אין אורין⸗פענכער, כדי עס זאל ארויסגעהן מיט דער השתנה.

lithoclas'tic *a.* (ליטה-א-קלעס'-טיק) וואס איז שייך צום צוברעכען אדער צוּרייבען א שטיינדעל אין אורין⸗פענכער.

lithocol'la *n.* (ליטה-א-קאל'-א) דער שטיין⸗קיט [א מין צעמענט, וועלכען מען ברויכט ביים צוזאמענקלעפען צובראכענע שטיקלעך מארמאר אדער אנדערע שטיינער].

Lithoden'dron *n.* (ליטה-א-דענ'-דראן) א מין צווייגיגע שטיין⸗קאראלען.

lith'odome *n.* (ליטה'-א-דאום) דער שטיין⸗בויערער [א מין מושעל⸗פיש, וועל⸗

כער בויערט אליין אוים א לאך אין א שטיין און לעבט דארטען].

lithogen'esy *n.* (ליטה-א-דזשענ'-ע-סי) די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון די מינעראלען, וועלכע בילדען אוים די ערד.

lithog'enous *a.* (לי-טהאדזש'-ע-נאם) וואס איז שייך צו די חיה'לעך, וועלכע בילדען אוים קאראלען.

lith'oglyph *n.* (ליטה'-א-גליף) א גראווירונג אדער איינקריצונג אין אן עדעלשטיין; א גראווירטער עדעלשטיין.

lithoglyp'tics *n.* (ליטה-א-גליפ'-טיקס) די קונסט פון גראווירען אדער קריצען אין עדעלשטיינער.

lith'ograph *v. and n.* (ליטה'-א-גרעף) ליטאגראפירען [דרוקען מיט אן אויסגעקריצטען שטיין]; א ליטאגראפיע, א שטיין=אבדרוק [א בילד געדרוקט פון א שטיין].

lithog'rapher *n.* (לי-טהאג'-רע-פער) א ליטאגראפיסט, א שטיין=דרוקער.

lithograph'ic *a.* (ליטה-א-גרעפ'-איק) ליטאגראפיש, וואס געהערט צו שטיין=דרוקעריי.

lithograph'ical *a.* (ליטה-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***lithographic***

lithograph'ically *adv.* (ליטה-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א ליטאגראפישען שטייגער.

lithograph'ic press (ליטה-א-גרעפ'-איק פרעס) א דרוק=פרעס צו דרוקען פון ליטאגראפישע שטיינער.

lithograph'ic slate (ליטה-א-גרעפ'-איק סלייט) ז. ***lithographic stone***

lithograph'ic stone (ליטה-א-גרעפ'-איק סטאון) א הארטער, גלאטער קאלךשטיין פון געלבען קאליר, וואס ווערט בענוצט פאר ליטאגראפיע.

lithog'raphize *v.* (לי-טהאג'-רע-פאיז) ליטאגראפירען, דרוקען פון שטיין.

lithog'raphy *n.* (לי-טהאג'-רע-פי) ליטאגראפיע, שטיין=דרוק [די קונסט פון דרוקען פערשיעדענע שריפטען און צייכנונגען, וועלכע זיינען איינגעקריצט אין א שטיין דורך גראווירען אדער דורך געוויסע כעמישע מיטלען].

lith'oid *a.* (ליטה'-איד) עהנליך צו א שטיין; שטייניג.

lithoi'dal *a.* (לי-טהאי'-דעל) ז. ***lithoid***

litholapax'y *n.* (ליטה-א-לע-פעק'-סי) אין כירורגיע — א מעטאדע פאנאנדערצורייבען שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lithol'atrous *a.* (לי-טהאל'-ע-טראם) וואס איז שייך צו ליטאלאטריע אדער דער פערגעטערונג פון שטיינער.

lithol'atry *n.* (לי-טהאל'-ע-טרי) ליטאלאטריע, די פערגעטערונג פון שטיינער.

litholog'ic *a.* (ליטה-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו ליטאלאגיע אדער צו דער לעהרע וועגען שטיינער.

litholog'ical *a.* (ליטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***lithologic***

lithol'ogist *n.* (לי-טהאל'-א-דזשיסט) א ליטאלאגיסט, א קענער פון ליטאלאגיע.

lithol'ogy *n.* (לי-טהאל'-א-דזשי) ליטאלאגיע, די לעהרע וועגען שטיינער און פעלזען.

lith'omancy *n.* (ליטה'-א-מענ-סי) דאס נביאות=זאגען אדער טרעפען די צוקונפט לויט סמנים אויף שטיינער.

lith'omarge *n.* (ליטה'-א-מארדזש) דאס שטיינמארק [א מין מינעראל, וואס איז עהנליך צו דער ווייסער ליים, פון וועל-

כער מען מאכט פארפאר אדער פארצעלייז].

lithoph'agi *n.* (לי-טהאפ'-ע-דזשאי) שטיינער=פרעסער [דער אלגעמיינער נאמען פון געוויסע מאלוסקען און אנדערע חיה'לעך, וועלכע בויערען אוים א לאך אין א שטיין, וואס דיענט זיי אלס א נעסט].

lithoph'agus *a.* (לי-טהאפ'-ע-גאס) וואס עסט שטיינער; וואס שלינגט שטיינדלעך [ווי געוויסע פויגלען].

lith'ophyte *n.* (ליטה'-א-פאיט) דער ליטאפיט, די שטיין=פלאנצע אדער ים=פעכער [אזעלכע קאראלען].

lith'otint *n.* (ליטה'-א-טינט) דאס דרוקען פארביגע בילדער אויף ליטאגראפישע שטיינער; אזא געדרוקט בילד.

lith'otome *n.* (ליטה'-א-טאום) א מין מינעראל, וועלכער האט דאס אויסזעהן פון געשליפענע דימענטען; דער ליטאטאם [א כירורגישער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען שניידט אוים די שטיינדלעך פון אורין=פענכער].

lithot'omist *n.* (לי-טהאט'-א-מיסט) א כירורג, וועלכער שניידט אוים די שטיינער פון אורין=פענכער.

lithot'omy *n.* (לי-טהאט'-א-מי) ליטאטאמיע, די אויסשניידונג פון שטיינער [אין בויך אדער אין די גערערים].

lith'otripsy *n.* (ליטה'-א-טריפ-סי) אן אפעראציאן, וועלכע בעשטעהט אין צורייבען די שטיינדלעך אין אורין=פענכער, כדי די צוריבענע שטיקעלעך זאלען קענען ארויסגעהן מיט דער השתנה.

lithotrip'tic *a.* (ליטה-א-טריפ'-טיק) וואס צומאלט די שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lith'otriptor *n.* (ליטה'-א-טריפ-טאר) א כירורגישער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען צומאלט א שטיינדעל אין אורין=פענכער, כדי די צומאלענע שטיקעלעך זאלען ארויסגעהן פון קערפער מיט דער השתנה.

lith'otrite *n.* (ליטה'-א-טראיט) ז. ***lithotriptor***

lith'otritor *n.* (ליטה'-א-טראי-טאר) ז. ***lithotriptor***

lith'otrity *n.* (ליטה'-א-טראי-טי) די אפעראציאן, ביי וועלכער מען צוברעקעלט די שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lith'otype *n. and v.* (ליטה'-א-טאיפ) א ליטאטיפ, א סטערעאטיפ אדער מאטריצע, וואס איז געמאכט געווארען פון א געוויסען לאק צוזאמענגעמישט מיט דינעם זאמד, ווייכען פעך און אויל; אן ארט דרוקען אויף א ליטאגראפישען שטיין ווי אויף אנגעזעצטע שריפט [צוליעב דיעזען צוועק ווערט די צייכנונג אויף'ן שטיין ניט איינגעקריצט, נאר זי איז בולט אדער רעליעף]; דרוקען אויף אזא ארט.

lithotyp'ic *a.* (ליטה-א-טיפ'-איק) ליטאטיפיש, וואס איז שייך צו ליטאטיפיע. ז. ***lithotypy***

lith'otypy *n.* (ליטה'-א-טאי-פי) ליטאטיפיע, דאס מאכען א סטערעאטיפ אדער מאטריצע פון א געוויסען לאק צוזאמענגעמישט מיט דינעם זאמד. ווייכען פעך און אויל.

lith'wake *a.* (ליטה'-הוויק) ווייך, בויגזאם; וואס גיט זיך אונטער.

li'thy *a.* (לאי'-טהי) וואס בויגט זיך לייכט; בויגזאם.

lit'igable *a.* (ליט'-אי-געבל) וואס קען בעשטריטען ווערען; איבער וואס מען קען זיך משפט'ען.

lit'igant *a. and n.* (ליט'-אי-גענט) וואס שטרייט, וואס פיהרט פראצעסען; איינער וועלכער משפט זיך מיט אן אנדערען.

lit'igate *v.* (ליט'-אי-גייט) שטרייטען, משפט'ען זיך, פיהרען פראצעסען.

litiga'tion *n.* (ליט-אי-גיי'-שאן) א משפט, א פראצעס=פיהרונג.

lit'igator *n.* (ליט'-אי-גיי-טאר) איינער וואס פיהרט א פראצעס אדער משפט זיך.

liti'gious *a.* (לי-טידזש'-אס) וואס משפט זיך, וואס פיהרט פראצעסען; שטרייטזיכטיג, וואס האט א נייגונג צו שטרייטען, קריעגען זיך אדער זיך איינרייסען; איבער וואס מען שטרייט אדער מען משפט זיך.

liti'giously *adv.* (לי-טידזש'-אס-לי) אויף א שטרייטזיכטיגען אופן; דורך פראצעסען און משפטים.

liti'giousness *n.* (לי-טידזש'-אס-נעס) שטרייטזיכטיגקייט, די נייגונג צו משפט'ן זיך.

lit'mus *n.* (ליט'-מאס) לאקמוס, בלוי=פארב [א טונקעל=בלויער שטאף, וואס ווערט לייכט פאנאנדערגעלאזען אין וואסער. ווערט בענוצט צוצוגעבען א בלויליכען קאליר צו וועש, וויינען א. ד. ג.].

lit'oral *a.* (ליט'-א-רעל) וואס געהערט צום ברעג, וואס ליעגט ביים ברעג [פון ים אדער פון אן אזיערע].

lit'otes *n.* (ליט'-א-טיז) אין רעטאריק — א רעדע=ארט, וואו א געוויסע אייגענשאפט פון א זאך ווערט אויסגעדריקט ניט דורך'ן נאמען פון דיעזער אייגענשאפט, נאר דורך דער פערניינונג פון איהר געגענזאץ, ווי למשל, אנשטאט "ער איז א גוטער" זאגט מען "ער איז ניט קיין שלעכטער".

li'tre *n.* (לי'-טער) ז. ***liter***

lit'ter *n. and v.* (ליט'-ער) א נאסילקע; א טראג=ברעטעל [אן ארט פארצייטיגער עקיפאזש אהן רעדער, וועלכער פלעגט געטראגען ווערען פון מענשען]; א טראג-

Litter

בעטעל, אין וועלכען מען טראגט אריבער קראנקע און פערוואונדעטע; דער וואורף, דאס ווארפען, דאס געבעהרען א גאנצע צאהל קינדער מיט איין מאל [ווי ביי חזירים, קעץ א. ד. ג.]; די צאהל קינדער וואס ווערען מיט איין מאל געבארען ביי א חיה; אונטערשפרייטונג, אונטערשיטונג [שטרוי אדער היי, וואס מען שפרייט פאנאנדער אונטער בהמות]; אנגעווארפענע שמאטעס; צוזאמענגעווארפענע זאכען; אן אונארדנונג; טראגען אין א נאסילקע אדער טראג=בעטעל; פאנאנדערשפרייטען שטרוי, היי א. ד. ג. אלס אן אונטערבעט פאר בהמות; בענוצען פאר אן אונטערבעט פאר בהמות; ווארפען אדער געבעהרען עטליכע קינדער מיט איין מאל [וועגען געוויסע חיות]; אנווארפען אין אן אונארדנונג; האבען אן אונטערבעט פון שטרוי, היי א. ד. ג.

litterateur' *n.* (ליט-ע-רע-טויר') א ליטעראט, א שרייבער, א מחבר; איינער וואס איז בעשעפטיגט מיט ליטעראַרישער ארבייט.

lit'tery *a.* (ליט'-ער-אי) אנגעווארפען

איז אונארדנונג; בעדעקט מיט פערשפריי־טע היי אדער שטרוי, וואס דיענט אלס אונטערבעט פאר בהמות.

lit'tle *a., n. and adv.* (ליטל) קליין; וועניג; קורץ; אונבעדייטענד; געמיין, קליינליך; א ביסעלע; א קליינע צאהל; איז א קליינער צאהל; אויף א קליינעם גראד.

lit'tle by lit'tle (ליטל באי ליטל) ביסלעכווייז.
Little by **little** we are making progress.

lit'tle go (ליטל גאו) דער פאר־עקזאמען [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען].

lit'tle-min'ded *a.* (ליט'ל־מאינ'־דעד) קליין־קעפיג, מיט א שוואכען פערשטאנד.

lit'tleness *n.* (ליט'ל־נעס) קליינקייט; אונבעדייטענהייט.

lit'tle ones (ליטל וואנז) קינדער.
Good bye! Take good care of the **little ones.**

lit'tleworth *n.* (ליט'ל־הוואירטה) א טויגניכטס, א גארנישט.

lit'toral *a. and n.* (ליט'־א־רעל) וואס געהערט צום ברעג, וואס ליעגט ביים ברעג [פון ים אדער פון א גרויסער אזערע]; דער טייל פון א לאנד, וואס ליעגט ביים ברעג ים.

lit'uate *a.* (ליט'־יו־אייט) אין באטא־ניק — אין דער פארם פון א גאפעל מיט די שפיצען אויסגעבויגען צום דרויסען.

liturge' *n.* (לי־טוירדזש') א ליטורגיסט, דער וואס פראוועט די עבודה אדער גא־טעסדיענסט אין קירך.

litur'gic *a.* (לי־טויר'־דזשיק) *liturgical* ז.

litur'gical *a.* (לי־טויר'־דזשי־קעל) לי־טורגיש, קירכען־דיענסטליך; וואס געהערט צו דער עבודה אדער גאטעסדיענסט אין דער קירך.

litur'gically *adv.* (לי־טויר'־דזשי־קעל־לי) ליטורגיש; לויט דעם סדר העבודה אין קירך.

litur'gics *n.* (לי־טויר'־דזשיקס) די לעהרע וועגען דער עבודה אדער גאטעס־דיענסט אין קירך.

liturgiol'ogist *n.* (לי־טויר־דזשי־אל'־א־דזשיסט) איינער, וועלכער ווייסט די לעהרען און מעטאדען פון גאטעסדיענסט אין קירך.

liturgiol'ogy *n.* (לי־טויר־דזשי־אל'־א־דזשי) *liturgics* ז.

lit'urgist *n.* (ליט'־אויר־דזשיסט) *liturge* ז.

lit'urgy *n.* (ליט'־אויר־דזשי) ליטורגיע, קירכען־דיענסט.

li'tus *n.* (לאי'־טאס) ביי די אלטע זאק־סען — א מיטגליעד פון נידריגסטען אדער דריטען שטאנד פון פאלק.

lit'uus *n.* (ליט'־יו־אס) אן ארט שטע־קען מיט אן אויסגעבויגענעם הענטעל, וועל־כען עס פלעגען בענוצען די אויגורען אדער פריסטער אין אלטען רוים; א מו־זיקאלישער בלאז־אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט ביי מיליטער [אן ארט טרומייט מיט א גרילצענדען טאן]; אין מאטעמאטיק — אן ארט ספיראל.

Lit'vak *n.* (ליט'־וואק) א ליטוואק, א איד פון ליטא.

live *a.* (לאיוו) 1. לעבעדיג, בעלעבט; פול מיט לעבען; ענערגיש; לעבהאפט; טהעטיג, גרייט צו ארבייטען; 2. גליהענד [וועגען קויהלען]; 3. פריש, ריין [ווי למשל, לופט]; 4. פון דער לעצטער צייט [ניט פערעלטערט].
2. The stove is full of **live** coal. 4. The tariff is always a **live** issue in our politics.

live *v.* (ליוו) 1. לעבען; האבען איז זיך לעבען; ענטהאלטען לעבענס־פונקציאנען; פיהרען א געוויסען ארט לעבען; 2. וואה־נען, זיך אויפהאלטען; האבען לעבענס־מיטלען; זיך ערנעהרען; מאכען א לע־בען; האבען א גייסטיגען לעבען; 3. עק־זיסטירען אלס א גייסטיג וועזען; פער־לעבען, פערברייינגען; לעבען [אין איינ־קלאנג מיט געוויסע אידעען אדער אידע־אלען].
2. They **live** in the country. 3. One can not **live** entirely on his ideals.

live away' (ליוו ע־הוויי') פיהרען א פרעהליך, אויסברענגעריש לעבען.

live beyond' means (ליוו בי־יאנד' מיענז) לעבען נים נאך דער קעשענע.

live cir'cuit (לאיוו סויר'־קיט) א דראט דורך וועלכען עס פליסט אן עלעק־טרישער שטראם.

live close'ly (ליוו קלאוס'־לי) לעבען קארג.

live coal (לאיוו קאול) א גליהענדע קויהלע.

lived *a.* (לאיווד) וואס לעבט, וואס עק־זיסטירט [ווערט בענוצט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער, ווי ***long-lived***, ***short-lived*** א. ד. ג.].

live down (ליוו דאון) פערגלעטען אדער אבווישען א זינד אדער געמאכטען פעהלער מיט דעם ווייטערען ארט לעבען; בריינ־גען עפעס אין פערגעסענהייט, איבערלע־בען עפעס.
An ex-convict can often **live down** his bad reputation.

live feath'ers (לאיוו פעטה'־ערז) פע־דערען וואס זיינען געפליקט געווארען פון לעבעדיגע עופות.

live in clo'ver (ליוו אין קלאו'־ווער) לעבען א גוטען טאג.

live'lihood *n.* (לאיוו'־לי־הוד) אויס־קומעניש, חיונה, לעבענסמיטלען.
He is earning his **livelihood** by writing.

live'liness *n.* (לאיוו'־לי־נעס) לעבע־דיגקייט, לעבהאפטיגקייט; בעלעבונג, טהע־טיגקייט, מונטערקייט.

live'long *a. and n.* (ליוו'־לאהנג) לאנג, דויערהאפט; לאנגוויילינג; א מין גראז מיט דיקע קליינע בלעטלעך און מיט געלבע בליטהען [וואקסט אויף שטיינער, זאמד און אויך אויף אלטע דעכער].

live'ly *a. and adv.* (לאיוו'־לי) ווי לע־בעדיג, רעאל, זעהר ענהליך צו עפעס; פול מיט לעבען אדער ענערגיע; אקטיוו, טהעטיג; פלינק, מונטער; לעבהאפט; גייסטרייך; פרעהליך; פריש, גלענצענד [וועגען פארבען]; וואס שניידט לייכט דאס וואסער [וועגען א שיף].

live mat'ter (לאיוו מעט'־ער) דרוק־זאץ, וועלכען מען דארף ערשט געברויכען, פון וועלכען מען דארף נאך דרוקען.

live on a large scale (ליוו אן ע לארדזש סקייל) לעבען אויף א ברייטען פוס, לעבען בהרחבה.

live out (ליוו אוט) דורכ־אויסלעבען; לעבען אדער איבערלעבען עפעס; אוועק־געהן פון דער היים און דיענען אין א הויז.

liv'er *n.* (ליוו'־ער) איינער וואס לעבט, א לעבעדיגער; איינער וואס וואהנט ער־געץ, אן איינוואהנער; איינער וואס פיהרט א געוויסען ארט לעבען; דער לעבער; דער ברוינער איבים [א זומפ־פויגעל מיט א לאנגען אויסגעבויגענעם שנאבעל. ווען ער איז יונג, האבען זיינע פליגלען דעם קאליר פון לעבער].

liv'er-col'or *n.* (ליוו'־ער־קאל'־אר) לעבער־קאליר [רויט־ברוין].

liv'er-col'ored *a.* (ליוו'־ער־קאל'־ארד) פון א לעבער־קאליר [רויט־ברוין].

liv'ered *a.* (ליוו'־ערד) וואס האט א לעבער; מיט א לעבער [ווערט געברויכט נור אין פערבינדונג מיט אן אנדער ווארט].

liv'er-grown *a.* (ליוו'־ער־גראון) וואס לייידעט פון א פאנאנדערגעוואקסענעם לע־בער.

liv'eried *a.* (ליוו'־ער־איד) פערקליי־דעט אין א ליווערע; וואס טראגט אן אוי־ניפארם.
He rang the bell and a **liveried** servant appeared at the door.

liv'erleaf *n.* (ליוו'־ער־ליעף) די לע־בער־בלום [א פלאנצע מיט 3־טיילינע הארץ־פערמיגע בלעטער און מיט קליינע ווייסע אדער בלויע בליטהען, וועלכע וואקסען איינציגווייז אויף לאנגע דינע שטענ־געלעך. די לע־בער־בלום וואקסט אין זומפיגע ער־טער און אויך צופיילטע בוימער].

Liverleaf

liv'er-spots *n.* (ליוו'־ער־ספאטס) לע־בער־פלעקען [א מין הויט־קראנקהייט, ביי וועלכער עס ווייזען זיך אויף'ן לייב געלב־ברוינע און שארסטע פלעקען].

liv'erstone *n.* (ליוו'־ער־סטאון) דער לעבער־שטיין, א מין מינעראל, וועלכער לאזט ארויס זעהר א שארפען גערוך, ווען מען רייבט איהם אדער ווען מען ברענט איהם אן ביז רויט.

liv'erwort *n.* (ליוו'־ער־הוואירט) לע־בער־קרויט, לעבער־גראז [א פלאנצע עהנ־ליך צו דער לעבער־בלום]. *liverleaf* ז.

liv'ery *n., v. and a.* (ליוו'־ער־אי) א ליווערע; אן אוניפארם פון א לאקיי אדער הויז־דיענער; די אונפיארם פון א וועלכער גיט איז ארגאניזאציאן; דאס האלטען פערד און וועגען גרייט צו בע־נוצען אדער פערדינגען זיי; די פארציאן פון פראוויזיע אדער קארמע, וואס ווערט אבגעלאזען פאר א פאמיליע, פאר די הויז־דיענער, פאר פערד א. ד. ג.; דאס אי־בערגעבען אין בעזיץ א הויז אדער לאנד; א שטאל, וואו מען האלט פערד און וועג־גען צו פערדינגען; אנטהאן א ליווערע, בעקליידען מיט א געוויסער אוניפארם; עהנליך צו לעבער.

liv'ery-coat *n.* (ליוו'־ער־אי־קאוט) א ליווערע, די אוניפארם פון א לאקיי.

liv'eryman *n.* (ליוו'־ער־אי־מען) איי־נער וועלכער טראגט א ליווערע אדער א געוויסע אוניפארם פון אן ארגאניזאציאן; איינער וועלכער האלט פערד און וועגען צו פערדינגען.

liv'ery-of'fice *n.* (ליוו'־ער־אי־אפ'־איס) אן אפיציעלער אמט איבערצוגעבען לאנד אין בעזיץ.

liv'ery of sei'zin (ליוו'־ער־אי אוו סי'־זין) די פארמאלע איבערגעבונג פון אן אייגענטום אין איינעמס בעזיץ [אין דער פעאדאלער ענגלישער געזעצגעבונג].

liv'ery-sta'ble *n.* (ליוו'־ער־אי־סטיי'־בל) א שטאל פאר פערד און וועגען צום פערדינגען; א שטאל וואו פערד ווערען אנגענומען צום קארמענען.

lives *n.* (לאיווז) לעבענס. ז. *life*

live stock (לאיוו סטאק) הורטען פון הויז=טהיערע, ווי פערד, אקסען, שעפסען, חזירים א. ז. וו., וועלכע מען האלט צוליעב פראפיט.

live upon' the catch (ליוו א-פאן' טהי קעטש) לעבען פון ווינד.

live up to (ליוו אפ טו) פיהרען א לעבען לויט...

He lives up to his theories.

live up to means (ליוו אפ טו מיענז) לעבען נאך דער קעשענע.

live'-well *n.* (לאיוו'-הוועל) אזא קאסטען פול מיט וואסער אין א פישער=שיף, וואו מען האלט לעבעדיגע געפאנגענע פיש.

live wire (לאיוו הוואיר) א ספריטנער טהעטיגער יונג; אן אויפטהוער.

liv'id *a.* (ליוו'-איד) [ווי שווארץ=בלוי די געזיכטס=פארב פון א דערשטיקטען מענשען].

livid'ity *n.* (לי-וויד'-אי-טי) שווארץ=בלויקייט, דאס האבען א שווארץ=בלויען קאליר.

liv'idness *n.* (ליוו'-איד-נעס) ז. *lividity*

liv'ing *n. and a.* (ליוו'-אינג) דאס לעבען, דאס עקזיסטירען; די לעבענס=צייט; די לעבענס=ארט; לעבענס=מיטלען, הכנסה, פרנסה; די הכנסה פון א נלח; לעבענד, וואס לעבט; וואס איז אקטיוו, וואס ווירקט [ווענען זאכען]; שטארק, שרעקליך [ווענען א כוואליע אין ים].

liv'ing coal (ליוו'-אינג קאול) א גליהענדע קויהל.

liv'ing day (ליוו'-אינג דיי) א העלער, ליכטיגער טאג.

liv'ing lan'guage (ליוו'-אינג לענ'-גהווערדזש) א לעבעדיגע שפראך, א שפראך, אויף וועלכער מען רעדט נאך [אין נעגענזאץ צו טויטע שפראכען אדער בוך=שפראכען].

liv'ingly *adv.* (ליוו'-אינג-לי) אויף א לעבעדיגען אופן; אין א לעבעדיגען צושטאנד; דורך'ן לעבען.

liv'ingness *n.* (ליוו'-אינג-נעס) לעבעדיגקייט, לעבהאפטיגקייט.

liv'ing rock (ליוו'-אינג ראק) א פעלז וואס שטעהט אין זיין נאטירליכען אייבינען צושטאנד [ניט געריהרט דורך וועלכע ניט איז אומשטענדען].

liv'ing-room *n.* (ליוו'-אינג-רוהם) די וואהן=שטוב, דאס צימער פאר דעם אלגעמיינעם געברויך פון דער פאמיליע.

livraison' *n.* (לי-וורײ-זאהן') א קונטרס, א טייל אדער העפט פון א בוך.

li'vre *n.* (לי'-ווער) אן אלטער פראנצויזישער פראנק.

lixiv'ial *a.* (ליק-סיוו'-אי-על) וואס איז לויג דורכגענעצט אדער דורכגעווייקט אין לויג [ווארעם וואסער וואס ווערט דורכגעזייט דורך אש]; עהנליך צו לויג; פון א לויגקאליר.

lixiv'iate *v. and a.* (ליק-סיוו'-אי-אייט) [ווארעם וואסער דורכגעזייט דורך אש]; מאכען לויג; וואס איז שייך צו לויג; דורכגעווייקט אין לויג.

lixivia'tion *n.* (ליק-סיוו-אי-איי'-שאן) דאס מאכען לויג, דאס דורכזייען ווארעם וואסער דורך אש; דאס אויסלויגען, דאס דורכווייקען אין לויג.

lixiv'ious *a.* (ליק-סיוו'-אי-אס) ז. *lixivial*

lixiv'ium *n.* (ליק-סיוו'-אי-אם) לויג [וואסער וואס איז דורכגעזייט דורך אש].

liz'ard *n.* (ליז'-ארד) אן עקדעש אדער יאשטשערקע; א מין שליטען, אויף וועלכען מען פיהרט איבער שטיינער.

Lizard

lla'ma *n.* (לא'-מא) די לאמא, דער דרום=אמעריקאנישער קעמעל [די לאמא איז קלענער פון א געוועהנליכען קעמעל. זי איז בעדעקט מיט געדיכטער וואל און האט ניט קיין הארב].

Llama

lla'no *n.* (לא'-נאו) אין דרום אדער צענטראל=אמעריקא — א סטעפ, א פלאכע געגענד אהן בוימער בעוואקסען מיט גראז.

LL. B. ראשי תבות פון די ווערטער *Legum Baccalaureus* [קאנדידאט פון יוריספרודענץ].

Llb. אבקירצונג פון *libræ* [פונטען].

LL. D. *Legum Doctor* ראשי תבות פון [דאקטאר פון יוריספרודענץ, אן עהרען=טיטול].

LL. M. ראשי תבות פון די ווערטער *Legum Magister* [מאגיסטער פון יוריספרודענץ].

Lloyd's *n.* (לאידז) די לאידס [א בעוואוסטע ענגלישע געזעלשאפט פאר שיפס=פערזיכערונג אין אלע טיילען פון דער וועלט].

lo *int. and n.* (לאו) אט! זעה! אן אינדיאנער פון נארד=אמעריקא [א הומאריסטישער אויסדרוק].

loach *n.* (לאוטש) [אזא דער שמערלינג] קליינער לאנגליכער פיש מיט עטליכע דינע עקעלעך ארום מויל. לעבט אין קליינע אייראפעאישע טייכלעך און ווערט הויך געשעצט אלס געשמאקע שפייז].

Loach

load *n. and v.* (לאוד) א לאסט, א משא; א שווערינקייט; דאס וואס איז שווער אריבערצוטראגען, א פעקעל יסורים, א צרה; די אנלאדונג פון א ביקס; א וואג, א בעשטימטע געוויכטס=מאס פון פערשיעדענע זאכען [פון ווייץ — 40 בושעל; פון זאמד — א קוביק=יארד א. ד. ג.]; אין מעכאניק — דער דרוק אויף א מעכאניזם, וואס ווירקט אלס א ווידערשטאנד צו זיין בעוועגונג; דאס איבערכאפען די מאס אין עסען אדער טרינקען; לאדען, בעלאדען, ארויפלעגען א לאסט; אנפילען, אנלעגען, מאכען שווער: אנהויפען, מאכען קופעס; פעלשען [ווי מאכען געפעלשטע עסענווארג אדער געטראנקען]; אנלאדען א ביקס; אין מאלעריי — מישען מיט ווייסער פארב; מאכען טונקעל, ניט דורכזיכטיג.

loa'der *n.* (לאו'-דער) א לאדער, אן אנלאדער; א קליינער אפאראט אנצולאדען קוילען אין אן הארמאט; יעדע פארריכטונג, מיט וועלכער מען לאדט אן א וואגען מיט משא.

loa'ding *n.* (לאו'-דינג) דאס לאדען, דאס אנלאדען; א לאסט, א משא; דאס וואס גיט צו א זאך מעהר שווערקייט; אין מאלעריי — דיק אנגעלעגטע פארב, כדי א געוויסער טייל פון בילד זאל אויסזעהן טונקעלער; אין פערזיכערונג — דער טייל פון'ם געצאהלט פאר דער פרעמיום, וועלכער געהט צו דעקען די הוצאות פון פערוואלטונג.

load'star *n.* (לאוד'-סטאר) ז. *lodestar*

load'stone *n.* (לאוד'-סטאון) ז. *lodestone*

loaf *n. and v.* (לאוף) א לאבען ברויט; א היטעל צוקער; ארומלויפען, ניט וועלען ארבייטען, שטיפען, יונגאטשעווען.

loa'fer *n.* (לאו'-פער) א באד=יונג, א יונגאטש, א שייגעץ, אן ארומטרייבער.

loa'ferish *a.* (לאו'-פער-איש) ווי א שייגעץ, ווי א יונגאטש.

loaf'-sug'ar *n.* (לאופ'-שוג'-אר) שטיקער צוקער.

loam *n. and v.* (לאום) ליים, ליימינע ערד; אין מעטאל=גיסעריי — א געמיש פון זאמד, ליים, שטרוי א. ז. וו., פון וועלכען מען מאכט די פורעמס; בעשמירען מיט ליים.

loam'-mold *n.* (לאום'-מאולד) דער ליים=ערד=פורעם אין מעטאל=גיסעריי פאר גוס=אייזען אדער מעש.

loa'my *a.* (לאו'-מי) ליימיג, עהנליך צו ליים.

loan *n. and v.* (לאון) אן אנלייהע, א הלואה; דאס לייהען; לייהען, מאכען א הלואה.

loan'-fund *n.* (לאונ'-פאנד) א לייה=קאסע, א גמלות=חסדים=קאסע.

loan'-of'fice *n.* (לאונ'-אפ'-איס) א לאמבארד, אן ארט וואו מען לייהט געלד אויף משכנות.

loath *a.* (לאוטה) זעהר אונווילינ, וואס פיהלט אן עקעל; אבגענייגט.

I am loath to undertake the journey.

loathe *v.* (לאוטה) האסען; האבען אן עקעל צו עפעס.

A gentleman loathes to associate with ill-bred people.

loa'ther *n.* (לאו'-טהער) איינער וועלכער האסט אדער פיהלט אן עקעל צו עפעס.

loath'ful *a.* (לאוטה'-פול) מיט האס, מיט עקעל.

loa'thing *n.* (לאו'-טהינג) א ווידערווילען, אן עקעל, אן אבשיי, א האס.

loa'thingly *adv.* (לאו'-טהינג-לי) מיט עקעל, ווידערווילען, אבשיי אדער האס.

loath'liness *n.* (לאוטה'-לי-נעס) אבשייליכקייט, ווידערווילינקייט, עקעל.

loath'ly *adv.* (לאוטה'-לי) מיט אבשייליכקייט; פיהלענדיג א שטארקען עקעל.

loath'ness *n.* (לאָוטה׳-נעס) ווידערווי-לינקייט; עקעל.

loath'some *a.* (לאָוטה׳-סאַם) עקעלהאַפּט, אַבשייליך.

Leprosy is a loathsome disease.

loath'somely *adv.* (לאָוטה׳-סאַם-לי) מיט עקעל, מיט אַבשייליכקייט.

loath'someness *n.* (לאָוטה׳-סאַם-נעס) עקעלהאַפּטיגקייט, אַבשייליכקייט.

loaves *n.* (לאָוווז) לאַבענס ברויט, היט-לעך צוקער. ז. ***loaf***

lob *n. and v.* (לאַב) אַ גראָביאַן, אַ גראָבער קאָפּ, אַ פּויער; אַ קאָם, אַ פּלאַכטע, אַ שטיק; אַ געדיכטער געמיש; דער דיקער ערד-וואָרים אָדער רעגנוואָרים: אַ מין דיקער פיש אין די קאַלטע צפון-ימים; אין קריקעט-שפּיעל — אַ באַל וואָס לויפט נידריג און לאַנגזאַם; וואַרפען אַ באַל אַזוי, ער זאָל לויפען לאַנגזאַם; מאַכען אַ שוואַכען שטוים.

lo'bate *a.* (לאָו׳-בייט) לעפעל-פערמיג; ווי לעפעלך [אַבגערונדעטע טיילען פון עפּעס, ווי דאָס לעפעל פון אויער, ווי דער טייל פון אַ בלאַט א. ד. ג.].

lo'bated *a.* (לאָו׳-ביי-טעד) ז. ***lobate***

lob'by *n. and v.* (לאַב׳-אי) אַ פאָר-צימער, אַ פאָרהויז; די קולוארען אָדער פאָר-זאַאַל פון פּאַרלאַמענט; די מענשען, וועלכע וואַרטען אין די קולוארען פון פּאַר-לאַמענט, כדי צו בעאיינפלוסען די דעפּו-טאַטען צוליעב געוויסע צוועקען [אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ]; בעזוכען אָפט דעם פאָר-זאַאַל אָדער די קו-לואַרען פון פּאַרלאַמענט מיט דעם ציעל צו ווירקען אויף די דעפּוטאַטען; אויספּיה-רען געוויסע צוועקען דורך בעאיינפלוסען די מיטגליעדער פון קאָנגרעס אָדער אַמע-ריקאַנער פּאַרלאַמענט.

lob'byist *n.* (לאַב׳-אי-איסט) איין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — איינער וואָס בעזוכט אָפט די קולואַרען פון קאָנגרעס אָדער לעגיסלאַטור אום צו בע-איינפלוסען די דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען שטימען פאַר אַ געוויסען פּלאַן אָדער גע-זעץ-פּראָיעקט.

lob'by-mem'ber *n.* (לאַב׳-אי-מעמ׳-בער) ז. ***lobbyist***

lob'cock *n.* (לאַב׳-קאַק) אַ פּויער, אַ גראָבער קאָפּ.

lobe *n.* (לאָוב) לעפעל [אַן אַבגערונדע-טער טייל פון עפּעס, ווי דאָס לעפעל פון אויער אָדער ווי די טיילען פון די לונ-גען, פון לעבער א. ד. ג.].

lobed *a.* (לאָובד) ז. ***lobate***

lobe'foot *n.* (לאָוב׳-פוט) אַ לאַפּען-פוס [אַ פוס, ביי וועלכען יעדער פינגער איז בעזונדער בעצוימט מיט אַ ברייטליכען היי-טעל, ווי ביי געוויסע שווים-פויגלען].

lobe'let *n.* (לאָוב׳-לעט) אַ לעפעל, אַן אַבגערונדעטער טייל פון עפּעס [ווי דאָס לעפעל פון אויער, ווי אַ טייל פון אַ בלאַט א. ד. ג.].

Lobe'lia *n.* (לאָ-בי׳-ליאַ) די לאָבעליען [אַ מין גראָז-אַרטיגע פּלאַנצען פון די היי-סע לענדער, וועלכע האָבען אַ מילך-פּערמי-גען זאַפט, וואָס ווערט אָפט געברויכט אין מעדיצין].

lob'lolly *n.* (לאַב׳-לאַל-אי) אַ מין קאַשע פאַר מאַטראָזען אויף אַ שיף; רפואות.

lob'lolly-boy *n.* (לאַב׳-לאַל-אי-באָי) דער פעלדשער ביים שיף-דאָקטאָר.

lob'scouse *n.* (לאַב׳-סקאַוס) אַ מין מאַטראָזען-געריכט וואָס בעשטעהט פון גע-האַקטען פלייש, קאַרטאָפעל און ציבעלעס.

lob'sided *a.* (לאַב׳-סאַי-דעד) ז. ***lopsided***

lobs'pound *n.* (לאַבז׳-פּאַונד) אַ טורמע, אַ געפענגניס.

lob's pound (לאַבז פּאַונד) ז. ***lobspound***

lob'ster *n.* (לאַב׳-סטער) אַ ים-ראַק, אַ ים-קרעבס; אַן ענגלישער פּוס-סאָלדאַט.

Lobster

lob'ster-box *n.* (לאַב׳-סטער-באַקס) אַ קאַזאַרמע [אַ הומאָריסטישער אויסדרוק].

lob'ster-chum *n.* (לאַב׳-סטער-טשאַם) אַבפאַל פון ים-קרעבסען אָדער ים-ראַקעס [געברויכט אַלס בעמיסטיגונג].

lob'ster-crawl *n.* (לאַב׳-סטער-קראָהל) אַ פּלאַץ, וואו מען כאַפּט ים-קרעבסען [ים-ראַקעס].

lob'stering *n.* (לאַב׳-סטער-אינג) דאָס כאַפּען ים-קרעבסען [ים-ראַקעס].

lob'sterman *n.* (לאַב׳-סטער-מען) איי-נער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט פאַנגען ראַקעס.

lob'ster-pot *n.* (לאַב׳-סטער-פּאַט) אַ פּאַסטקע פאַר ים-קרעבסען [ים-ראַקעס].

lob'ular *a.* (לאַב׳-יו-לאַר) עהנליך צו אַ לעפעל אָדער קליינע אַבגערונדעטע טיילען פון עפּעס [ווי די טיילען פון די לונגען]; וואָס בעשטעהט פון לעפעלך. ז. ***lobe***

lob'ulate *a.* (לאַב׳-יו-לייט) וואָס בע-שטעהט פון לעפעלך אָדער קליינע אַבגע-רונדעטע טיילען.

lob'ulated *a.* (לאַב׳-יו-ליי-טעד) ז. ***lobulate***

lobula'tion *n.* (לאַב-יו-ליי׳-שאַן) די איינטיילונג פון אַ לעפעל אָדער פון אַן אַבגערונדעטען טייל פון וועלכען ניט איז אָבער.

lob'ule *n.* (לאַב׳-יול) אַ לעפעל, אַן אַבגע-רונדעטער טייל פון עפּעס [ווי דאָס לעפעל פון אויער, די טיילען פון די לונגען, לע-בער, געהירען א. ז. וו.].

lo'bus *n.* (לאָו׳-באַס) אַ לעפעל [אַן אַב-גערונדעטער טייל פון אַ קערפּער-אָרגאַן, ווי דאָס לעפעל פון אויער, ווי די טיילען פון די לונגען א. ד. ג.].

lob'worm *n.* (לאַב׳-וואָירם) רעגנוואָ-רעם, ערד-וואָרם.

lo'cal *a. and n.* (לאָו׳-קעל) לאָקאַל, אָרטליך, וואָס איז שייך צו אַ בעשטימ-טען אָרט אָדער געגענד; אין גראַמאַ-טיק — וואָס דייטעט אַן די לאַגע אָדער דעם פּלאַץ [ווי די ווערטער "וואו", "וואַ-היז", "פון וואַנען" א. ד. ג.]: אַ לאָקאַלע נייעס אין אַ צייטונג; אַ צוג וואָס שטעלט זיך אָב אויף אַלע סטאַנציאָנען [אין גע-גענזאַץ צו אַ שנעל-צוג]; אין טעלעגראַ-פיע — אַ לאָקאַלע באַטעריי.

lo'cal act (לאָו׳-קעל עקט) אַ לאָקאַלער געזעץ.

lo'cal ac'tion (לאָו׳-קעל עק׳-שאַן) אַ געריכטליכע קלאַגע וואָס מוז פאַרגעבראַכט ווערען אין דעמזעלבען אָרט, וואו די קלאַגע איז פּעראורזאַכט געוואָרען.

lo'cal anæsthe'sia (לאָו׳-קעל אַנ-עס-טהי׳-סי-אַ) לאָקאַלע אַנעסטעזיע [אוני-עמפּפינדליכקייט, אַרויסגערופען דורך פערשיעדענע מעדיצינישע מיטלען, וואָס פערגאַפט בלויז אַ געוויסען טייל פון קערפּער].

lo'cal author'ities (לאָו׳-קעל אָה-טהאַר׳-אי-טיז) לאָקאַלע בעאַמטע, אָרטי-גע בעאַמטע; בעאַמטע וואָס האָבען אַ לאָ-קאַלען אָדער בעשרענקטען קרייז פון טהע-טיגקייט.

The enforcement of the law is in the hands of the local authorities.

lo'cal author'ity (לאָו׳-קעל אָה-טאַר׳-אי-טי) אַ דעפּאַרטאַמענט פון אַ שטאָדט-פערוואַלטונג.

lo'cal board (לאָו׳-קעל באָורד) דער געמיינדע-ראַטה, ראשי הקהל; בעאַמטע פון אַ בעשטימטען דעפּאַרטאַמענט אין דער שטאָדט-פערוואַלטונג.

locale' *n.* (לאָו-קייל׳) אַן אָרט, אַ פּלאַץ; אַ געגענד.

localisa'tion *n.* (לאָו-קעל-אי-זיי׳-שאַן) ז. ***localization***

lo'calise *v.* (לאָו׳-קעל-איז) ז. ***localize***

lo'calism *n.* (לאָו׳-קעל-איזם) אָרטיג-קייט; לאָקאַליטעט; דאָס זיין לאָקאַל, אָר-טיג, בעשרענקט אויף אַ געוויסען פּלאַץ אָדער געגענד; אַ לאָקאַלע אייגענטימליכ-קייט [אין ריידען, אין אויפפיהרונג א. ז. וו.]; אַ פּראָווינציאַליזם; די ווייר-קונג פון אַ געוויסען פּלאַץ אָדער פון אַ געוויסער געגענד.

localis'tic *a.* (לאָו-קע-ליס׳-טיק) לאָ-קאַל, אָרטליך; וואָס איז שייך צו אַ בע-שטימטען אָרט אָדער געגענד [בנוגע דעם אָרט ריידען, מנהגים א. ז. וו.]; וואָס איז שייך צו דער בעשטימונג פון אַ בע-שרענקטען פּלאַץ, וואָס איז שייך צו דער בעשרענקונג אין די גרענעצען פון אַ בע-שטימטען פּלאַץ.

local'ity *n.* (לאָ-קעל׳-אי-טי) אָרט-ליכקייט, לאָקאַליטעט; געגענד; געאָגראַ-פישע לאַגע; די שייכות צו אַ פּלאַץ; געזעצליכע בעשרענקונג בנוגע צום אָרט; דער אָרטס-זיין [די פעהיגקייט צו געדענ-קען איינצעלהייטען וועגען אַ פּלאַץ אָדער געגענד].

lo'calizable *a.* (לאָו׳-קעל-אי-זעבל) וואָס מען קען לאָקאַליזירען, בעשרענקען אויף אַ געוויסען פּלאַץ אָדער בעשטימען דעם פּלאַץ דערפון.

localiza'tion *n.* (לאָו-קעל-אי-זיי׳-שאַן) לאָקאַליזירונג, בעשרענקונג אויף אַ געוויסען פּלאַץ; בעשטימונג פון אָרט.

lo'calize *v.* (לאָו׳-קעל-איז) לאָקאַליזי-רען, בעשרענקען אויף אַ געוויסען פּלאַץ, בעשטימען דעם פּלאַץ פון עפּעס.

lo'cal knowl'edge (לאָו׳-קעל נאַל׳-עדזש) בעקאַנטשאַפט מיט די פאַקטען פון אַ ספּעציעלען פאַך, אָרט, אַבטיילונג א. ז. וו.

lo'cally *adv.* (לאָו׳-קעל-אי) אין בע-צוג צום פּלאַץ.

lo'cal op'tion (לאָו׳-קעל אַפּ׳-שאַן) אַ געזעצליכער פּרינציפּ [אין די פּער-איינינטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ און אין ענגלאַנד], אַז יעדע בעזונדערע שטאָדט אָדער דיסטריקט האָט אַ רעכט צו בעשטימען, אויב מען זאָל פּערבויטען דעם פּערקויף פון משקאות.

lo'cate *v.* (לאָו׳-קייט) **1.** אויסגעפינען

דעם פלאץ; 2. אוועקשטעלען אויף'ן ארט, אוועקזעצען אויף אן ארט, ברייננגען אויף אן ארט; 3. זיך בעזעצען, וואהנען; בעזעצט ווערען; 4. בעשטימען אן ארט; בעשטימען די גרענעצען פון א טראקט לאנד.

1. I can **locate** many cities on the map. 3. They are planning to **locate** in the west. 4. The surveyors **located** the boundaries of his estate.

loca'tion *n.* (לא-קיי'-שאן) ארט; פלאץ; שטעלע, לאגע [בנוגע צום ארט]; בעזעצונג; וואהן-ארט; בעשטימונג פון ארט; א בעשטימטער פלאץ; דאס בעשטימען די גרענעצען פון א טראקט לאנד; דאס פערדינגען.

The store is in a good **location** for that line of business.

loc'ative *a. and n.* (לאק'-ע-טיוו) אין גראמאטיק — וואס ציינגט אן אויף ארט; אין אנאטאמיע און זאאלאגיע — וואס ציינגט אן די לאגע [בנוגע צום ארט]; א גראמאטישע פארם אדער אווארט וואס בעשטימט די שייכות צום ארט.

lo'cator *n.* (לאו'-קיי-טאר) איינער וואס בעזעצט זיך אויף א געוויסען פלאץ; איינער וואס דינגט לאנד.

loc. cit. אן אבקירצונג פון די לאטיינישע ווערטער *loco citato* [אויף דעם פלאץ, וואס איז שוין ציטירט געווארען].

loch *n.* (לאק) ז. *lincture*.

loch *n.* (לאך) אן אזיערא, א לאנד-זעע [אין שאטלאנד]; ברוסט-זאפט [אזא מעדיצין פאר דער ברוסט].

loche *n.* (לאוטש) ז. *loach*.

lo'ci *n.* (לאו'-סאי) א זאמלונג פון אויסציגע פון פערשיעדענע שריפטען [הויפטזעכליך פון די הייליגע שריפטען]; געאמעטרישע ערטער. ז. *locus*.

lock *n. and v.* (לאק) א שלאס; א שלאס פון א ביקס; א ברעמזע, א טארמאז [איינצוהאלטען די רעדער פון א וואגען אדער וואגאן]; אן אבגעצאמטער פלאץ; א שלייז [שליוזע]; א וואסער-אבשפארונג, א דאמבע; צוזאמענשליסונג; שטאנדהאפטיגקייט, אונבעוועגליכקייט; אן ארומנעהמונג [ביים ראנגלען זיך]; א לאקען [האר]; א געקרויזטער לאקען; א בינטעל, א זשמעניע, א הויפען; פערשליסען, צונויפשליסען; בעהאלטען; צוריקהאלטען; אבשפארען; איינשליסען, ארומנעהמען, שטארק אומארמען; דורכלאזען דורך א שלייז [ווי א שיף]; זיך צושליסען, זיך איינשליסען.

lock'age *n.* (לאק'-עדזש) שלייזען; וואסער-דאמבעס, וואסער-אבשפארונגען; אבצאהל פאר דורכגעהן א שלייז [פון א קאנאל אדער טייך].

lock'-chain *n.* (לאק'-טשיין) א קייט וואס דיענט אלס טארמאז אדער ברעמזע, אבצוהאלטען די רעדער פון א וואגען; א שלאס-קייטעל [ביי א טהיר אדער טויער].

lock'-cham'ber *n.* (לאק'-טשיימ'-בער) א שלייזען-קאמער [דער וואסער-שטח צווישען שלייזען].

lock'-drag *n.* (לאק'-דרעג) א ברעמזע, א טארמאז [אבצוהאלטען א ראד].

lock'-dues *n.* (לאק'-דיוז) שלייזען-געלד, אן אבצאהלונג פאר דורכגעהן דורך די שלייזען פון א קאנאל.

locked jaw (לאקט דזשאה) ז. *lockjaw*.

lock'er *n.* (לאק'-ער) א צושליסער; איינער אדער עטוואס וואס שליסט צו; עטוואס וואס קען צוגעשלאסען ווערען [ווי אן אלמער, בופעט א. ד. ג.]; אן אבטיילונג אין איניגע קאטוילישע קירכען וואו מען האלט וואסער, אויל א. ד. ג.

lock'er-up *n.* (לאק'-ער-אפ) א צושליסער; א געפענגנים-וועכטער [וואס האלט די שליסלען פון די קאמערען].

lock'et *n.* (לאק'-עט) א מעדאליאן.

lock'-gate *n.* (לאק'-גייט) דער שלייזען-טויער [פון א קאנאל].

lock'-house *n.* (לאק'-האוס) א וואהנונג פון א דאמבע-אויפזעהער אדער שלייזען-אויפזעהער.

lock'ing *n.* (לאק'-אינג) שליסונג; צוזאמענהאלטונג, צוזאמענפרעסונג, צוזאמענשרויפונג.

lock'jaw *n.* (לאק'-דזשאה) קינבאקען-קראמפף [א קראמפפהאפטע, קאנוואולסיווע צוזאמענדריקונג פון די קינבאקען].

lock'-kee'per *n.* (לאק'-קיע'-פער) א דאמבע-אויפזעהער; א שלייזען-אויפזעהער; דאס צינגעל פון א שלאס.

lock'less *a.* (לאק'-לעס) אהן א שלאס.

lock'out *n.* (לאק'-אוט) א לאקאוט [דאס ענטזאגען ארבייטער מיט'ן צוועק זיי צו צווינגען נאכצוגעבען געוויסע פאדערונגען פון די ארבייטסגעבער].

lock out (לאק אוט) אויסשליסען.

lock'-rail *n.* (לאק'-רייל) די מיטעלע קווער-פלאנקע פון א טהיר [וואו מען פאסט געוועהנליך איין דעם שלאס].

lock'ram *n. and a.* (לאק'-רעם) גראבע, פראסטע לייוונט; זאק-לייוונט; קוידערוועלש, אן אונפערשטענדליכע שפראך, אונזין; געמאכט פון זאק-לייוונט; רעדענדיג קוידערוועלש.

lock'-saw *n.* (לאק'-סאה) א לאך-זעג [צום אויסשניידען לעכער אין די טהירען צום אריינשטעלען שלעסער].

locks'man *n.* (לאקס'-מען) א וועכטער; א שליסעל-האלטער [איבערהויפט אין א געפענגנים].

lock'smith *n.* (לאק'-סמיטה) א שלאסער.

lock'smithery *n.* (לאק'-סמיטה-ער-אי) שלאסעריי.

lock'-step *n.* (לאק'-סטעפ) א מין מיליטערישער שריט [הארט איינער נאך'ן אנדערען].

lock'-stitch *n. and a.* (לאק'-סטיטש) שטעפ-שטעך [ביי נעה-מאשינען]; נעהענדיג מיט שטעפ-שטעך [וועגען נעה-מאשינען]; געמאכט מיט שטעפ-שטעך.

lock, stock and bar'rel (לאק, סטאק ענד בער'-על) האק און פאק.

lock up (לאק אפ) פערשליסען; איינשליסען, איינפעסטיגען; איינשפארען; איינשפארען אין געפענגנים; האלטען עפעס אזוי, אז מען זאל עס ניט קענען געברויכען.

lock'up *n.* (לאק'-אפ) אן ארעסט-הויז, א פאליציי-געפענגנים; א פערשליסונג; אן איינשפארונג, אן ארעסט; דאס פערטהאן עטוואס אזוי אז מען זאל עס ניט קענען געברויכען.

lock'-weir *n.* (לאק'-הוועהר) דער וואסער-אראבגוס ביי די שלייזען [פון א קאנאל אדער טייך].

Lo'co *n.* (לאו'-קאו) ז. *Locofoco*.

lococes'sion *n.* (לאו-קא-סעש'-אן) דאס מאכען פלאץ, דאס אבטרעטען דעם פלאץ, דאס ווייכען.

lo'co cita'to (לאו'-קאו סי-טיי'-טאו) אין דעם פריהער ציטירטען פלאץ.

Locofo'co *n.* (לאו-קא-פאו'-קאו) א מיטגליעד פון דעם ראדיקאלען פליגעל פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין יאהר 1835].

locofo'co *n.* (לאו-קא-פאו'-קאו) א שוועבעלע.

locomo'bile *a. and n.* (לאו-קא-מאו'-ביל) זיך זעלבסט-בעוועגענד; א לאקאמאביל [א זיך זעלבסט-בעוועגענדע מאשין, וואגען אדער וואגאן].

locomobil'ity *n.* (לאו-קא-מא-ביל'-אי-טי) זעלבסט-בעוועגליכקייט.

lo'comote *v.* (לאו'-קא-מאוט) זיך בעוועגען פון איין פלאץ צום אנדערען; אין ביאלאגיע — ארויסרופען אן ענדערונג פון פלאץ.

locomotil'ity *n.* (לאו-קא-מא-טיל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך צו בעוועגען.

locomo'tion *n.* (לאו-קא-מאו'-שאן) בעוועגונג [פון ארט צו ארט], ארט-ענדערונג; בעוועגונגס-קראפט, בעוועגונגס-פעהיגקייט.

locomo'tive *a. and n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו) בעוועגענד; זיך בעוועגענד; בעוועגונגס-פעהיג; א לאקאמאטיוו.

locomo'tive-boi'ler *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-באי'-לער) א הייץ-קעסעל אין א לאקאמאטיוו.

locomo'tive-car *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-קאר) א לאקאמאביל. ז. *locomobile*.

locomo'tive fac'ulty (לאו-קא-מאו'-טיוו פעק'-אל-טי) זעלבסט-בעוועגונגס-פעהיגקייט.

locomo'tiveness *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-נעס) די פעהיגקייט אומצובייטען דאס ארט אדער זיך אליין צו בעוועגען.

locomo'tive or'gans (לאו-קא-מאו'-טיוו אר'-גענז) די בעוועגונגס-ארגאנען [ביי חיות].

locomo'tive propen'sity (לאו-קא-מאו'-טיוו פרא-פען'-סי-טי) א נייגונג זיך צו בעוועגען; צו ענדערען דעם פלאץ.

locomo'tive-pump *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-פאמפ) א פומפ ביי א לאקאמאטיוו.

loc'ulament *n.* (לאק'-יו-לע-מענט) א צעלע, א זוימען-קעמערעל [ביי פלאנצען]. ז. *loculus*.

loc'ular *a.* (לאק'-יו-לאר) צוזאמענגעשטעלט פון צעלען אדער קעמערלעך. ז. *loculus*.

loc'ulate *a.* (לאק'-יו-לייט) צעליג, וואס האט צעלען.

loc'ulated *a.* (לאק'-יו-ליי-טעד) ז. *loculate*.

loc'ule *n.* (לאק'-יול) א צעלע, א קעמערעל.

loc'ulose *a.* (לאק'-יו-לאוס) איינגעטיילט אין צעלען.

loc'ulous *a.* (לאק'-יו-לאס) ז. *loculose*.

loc'ulus *n.* (לאק'-יו-לאס) א צעלע, א קעמערעל, א קליינער אבגעטיילטער חלל [אין פלאנצען אדער ביי חיות]; א זוימען קעמערעל [ביי פלאנצען].

lo'cum-te'nens *n.* (לאו'-קאם-טיע'-נענז) א שטעלפערטרעטער.

lo'cus *n.* (לאו'-קאס) א פלאץ, אן ארט; אין מאטעמאטיק — דער געאמעטרישער ארט, א ליניע וואס ווערט בעשריבען פון א פונקט [אדער א פלעכע וואס ווערט בעשריבען פון א ליניע] וואס בעוועגט זיך אונטער געוויסע בעדינגונגען; א פיגור וואס עס שטעלען מיט זיך צוזאמען די שטראהלען, וועלכע קומען ארוים פון עטליכע ברען-פונקטען; א שטעלע, א פלאץ פון א שריפט.

lo'cust *n.* (לאו'-קאסט) א היישעריק; דער לאקוסט-בוים [אזא בוים מיט הארטען האלץ]; די פאלשע אקאציע, די קרים-טום-אקאציע [אזא בוים]; א באקסער-בוים [יאהאניסברויט-בוים]; א פאליצייסקער שטעקען.

Locust

locusta'rian *n.* (לאו-קאס-טיי'-רי-ען) א היישעריק-עהנליכער אינזעקט.

lo'cust-bird *n.* (לאו'-קאסט-בוירד) דער רויט-געלבער שטאר אדער סקווארעץ [א קליינער אפריקאנישער פויגעל, וועלכער ערנעהרט זיך מיט היישעריקען].

lo'cust-tree *n.* (לאו'-קאסט-טריע) די פאלשע אקאציע [אן אמעריקאנער בוים, מיט שטעכיגע צווייגלעך און בלעטער און מיט ווייסע אראבהענגענדע בליטהען].

locu'tion *n.* (לא-קיו'-שאן); דאס ריידען; אן אויסדרוק; די רעדענס-ארט.

lode *n.* (לאוד); אבלייטונגס-גראבען; וואסער-אבלויף; א מינעראל-גאנג, א מינעראל-אדער.

lodes'man *n.* (לאודז'-מען) א פילאט, א לאטסמאן, א שטייערמאן.

lode'star *n.* (לאוד'-סטאר) דער לייטענדער שטערן [נאך וועלכען מען ריכטעט זיך]; דער פאלאר-שטערן.

lode'stone *n.* (לאוד'-סטאון) דער מאגנעט-שטיין.

lodge *n. and v.* (לאדזש) א הייזעל; א יאגד-הייזעל; אן אינדיאנער געצעלט; א צייטווייליגע וואהנונג; א נארע, א בעהעלטעניש [פון חיות]; א פערזאמלונגס-פלאץ פון א געהיימער געזעלשאפט; א לאדזש, א חברה, א פעראיין; א פלאץ אין א שאכט, וואו עס זאמעלט זיך אן וואסער; אוועקלעגען אלס זאפאס; איינלעגען [געלד]; זיך אוועקלעגען; איינקווארטירען, זיך איינקווארטירען; בעזארגען מיט א צייטווייליגער וואהנונג; זיך בעזארגען מיט א צייטווייליגער וואהנונג.

lodge'able *a.* (לאדזש'-עבל) בעוואהנבאר; וואס קען בענוצט ווערען אלס צייטווייליגע וואהנונג.

lodge a complaint' (לאדזש ע קאמ-פליינט') אריינברענגען א קלאגע.
The policeman **lodged a complaint** against the prisoner.

lodge a cred'it (לאדזש ע קרעד'-איט) עפענען א קרעדיט.

lodge'-gate *n.* (לאדזש'-גייט) א טויער, נעבען וועלכען עס געפינט זיך א וואהנונג פאר'ן וועכטער.

lodge informa'tion (לאדזש אינ-פאר-מיי'-שאן) מאכען אן אנצייגע, געבען אינפארמאציאנען.

lodge informa'tion against' (לאדזש אינ-פאר-מיי'-שאן ע-גענסט') אריינברענגען א קלאגע געגען אימעצען.

lodge'ment *n.* (לאדזש'-מענט) ז. *lodgment*.

lodg'er *n.* (לאדזש'-ער) א לאזשירער, א קווארטיראנט.

lodg'ing *n.* (לאדזש'-אינג) א וואהנונג, א קווארטיר; אן אויפהאלט.

lodg'ing and keep (לאדזש'-אינג ענד קיעפ) קווארטיר און קעסט.

lodg'ing-car *n.* (לאדזש'-אינג-קאר) א וואגאן פאר די אייזענבאהן-אנגעשטעלטע.

lodg'ing-house *n.* (לאדזש'-אינג-האוס) א לאזשיר-הויז [וואו מען קען קריגען צייטווייליגע וואהנונג אדער קווארטירען].

lodg'ing-place *n.* (לאדזש'-אינג-פלייס) א נאכט-קווארטיר.

lodg'ment *n.* (לאדזש'-מענט) איינקווארטירונג; דאס קווארטירען אדער לאזשירען; דאס איינלעגען [געלד]; דאס אוועקלעגען; דאס אנזאמלען זיך; דאס אבזעצען זיך; אין מיליטער—א פאזיציאן, א בעפעסטיגונג [געגען שונא].

loft *n. and v.* (לאהפט) אן עטאזש; אן אויבערשטער עטאזש איבער א מאגאזין אדער פאבריק; א בוידעם; א מעזאנין; א גאלערעע; בעזארגען מיט אן אויבערשטען עטאזש; מאכען א גאלערעע.

lof'tily *adv.* (לאהפ'-טי-לי) אין דער הויך; אויף אן ערהאבענעם שטייגער.

lof'tiness *n.* (לאהפ'-טי-נעס) הויכקייט; ערהאבענהייט; דערהויבענקייט; שטאלץ.

lof'ty *a.* (לאהפ'-טי) הויך; דערהויבען; ערהאבען; שטאלץ.

log *n., a. and v.* (לאג) א פאלענע, א ניט געטשעסעטער קלאץ, שייט האלץ, א באלקען; א גולם, א בולוואן; א לאג, אן אפאראט צו מעסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף; אן אויספיהרליכע פערצייכנונג פון דער רייזע פון א שיף פאר א טאג אדער מעהר, א שיף-זשורנאל; א צעטעל אין וועלכען עס ווערען פערשריבען די שטונדען וואס א שניידער-ארבייטער וועלכער קריגט געצאהלט פון שטונדע האט פערברויכט אויף א בגד; א לוג [אן אלטע אידישע פליסיגקייטס-מאס, וועלכע איז געווען אונגעפעהר א האלבער ליטער אדער אביסעל ווייניגער ווי א קווארט]; געבויט פון ניט געטשעסעטע קלעצער; מעסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף מיט א לאג; אריינשרייבען אין שיף-זשורנאל.

lo'gan *n.* (לאו'-גען) ז. *loggan*.

log'arithm *n.* (לאג'-ע-ריטהם) לאגאריטמוס [א צאהל וואס ווייזט וויפיעל מאל א צאהל, וועלכע ווערט אנגענומען אלס באזיס, דארף געדאפעלט ווערען אויף זיך אליין אום צו בעקומען א געוויסע צאהל. צ. ב., ווען 10 ווערט אנגענומען אלס באזיס, דאן וועט זיין 2 דער לאגאריטמוס פון 100 און 3 דער לאגאריטמוס פון 1000, ד. ה. אום צו בעקומען די צאהל 100 דארף די צאהל 10 געדאפעלט ווערען 2 מאל אויף זיך און אום צו בעקומען 1000 דארף 10 געדאפעלט ווערען 3 מאל אויף זיך אליין. עס ווערט געשריבען $10^2=100$, $10^3=1000$].

logarithmet'ic *a.* (לאג-ע-ריטה-מעט'-איק) ז. *logarithmic*.

logarithmet'ical *a.* (לאג-ע-ריטה-מעט'-אי-קעל) ז. *logarithmic*.

logarith'mic *a.* (לאג-ע-ריטה'-מיק) לאגאריטמיש, וואס איז שייך צו לאגאריטמען. ז. *logarithm*.

logarith'mical *a.* (לאג-ע-ריטה'-מי-קעל) ז. *logarithmic*.

logarith'mical ta'bles (לאג-ע-ריטה-מי-קעל טייבלז) לאגאריטמישע טאבעלען [אזעלכע טאבעלען, וואו עס זיינען אויסגערעכנעט די לאגאריטמען פון פערשיעדענע צאהלען. ווערען בענוצט פאר פערשיעדענע מאטעמאטישע צוועקען].

log'-board *n.* (לאג'-באורד) א לאג-טאוועל [א פאר טאוולען, ווי פון א בוך, וואו עס ווערען פערצייכענט די איינצעלהייטען פון דער רייזע פון א שיף].

log'-book *n.* (לאג'-בוק) דאס שיפס-טאגעבוך אדער שיף-זשורנאל [א בוך אין וועלכען עס ווערען פערצייכענט די איינצעלהייטען פון דער רייזע פון א שיף].

log'-cab'in *n.* (לאג'-קעב'-אין) א הייזעל געבויט פון קלעצער.

Log-cabin

log'-cab'in campaign' (לאג'-קעב'-אין קעמ-פיין') אין דער אמעריקאנער געשיכטע — דער פרעזידענטען וואהל-קאמפף אין יאהר 1840, ווען די אנהענגער פון הענרי העריסאן האבען געטראגען אבצייכנונגען פון קלעצער-הייזלעך און פעסלעך עפעל-קוואס [געקומען איז עס דערפון, וואס איינער פון העריסאן'ס געגנער האט זיך אויסגעדריקט, אז העריסאן האט געלעבט אין א קלעצער-הייזעל און האט געטרונקען עפעל-קוואס].

log canoe' (לאג קע-נוה') א לאדקע [שיפעל] אויסגעהאקט פון א קלאץ.

log'gan *n.* (לאג'-ען) א וואג-שטיין [א פעלזען-שטיין וואס ליגט אזוי, דאס ער וואקעלט זיך ווי א וואג-שאל].

log'ger *n.* (לאג'-ער) א וואלד-האקער [איינער וואס האקט אוים בוי-האלץ].

log'gerhead *n.* (לאג'-ער-העד) א נארבער קאפ, א דומער יונג; אזא רונד שטיק אייזען מיט א לאנגען הענטעל [ווערט בענוצט ביים אויספעכען שיפען און פאר אנדערע צוועקען]; אזא גרויסע ים-טשערעפאכע [שילדקרעט]; דער קליינער גרויער ווירגער [אזא אמעריקאנער פויגעל וואס געפינט זיך אין די זידליכע טיילען פון לאנד]; אזא שטאנג מיט א רונדען קאפ וואס שטארצט ארויס פון דעם שפיץ פון א וואלפיש-שיפעל.

log'gerheaded *a.* (לאג'-ער-העד-עד) דום, נאריש, גראב-קעפיג.

log'gia *n.* (לאדזש'-א) א גאלערעע וואס האלט זיך אויף זיילען אין דעם פראנט פון א הויז; א גרויס געציערט פענסטער אין דעם מיטעלסטען אדער אין דעם גרונד-עטאזש פון א הויז.

log'ging *n.* (לאג'-אינג) דאס האקען בוי-האלץ פון א וואלד.

log'ging-camp *n.* (לאג'-אינג-קעמפ) א ווינטער-געצעלט פאר וואלד-האקער.

log'ging-rock *n.* (לאג'-אינג-ראק) א פעלזען-שטיין וואס ליגט אזוי, אז ער קען זיך וויגען.

log'-glass *n.* (לאג'-גלעס) דאס לאג-גלאז [א קליינע זאמד-אוהר וואס ווערט געברויכט אויף א שיף צו בעשטימען איהר געשווינדיגקייט].

log house (לאג האוס) א הויז וואס איז געבויט פון קלעצער.

log'-house *n.* (לאָג'-האַוס)
ז. *log house*.

log'ic *n.* (לאָדזש'-איק) לאָגיק, די לעהרע וועגען די געזעצען און פאָרמען פון ריכטיג דענקען; דאָס ריכטיג דענקען.

log'ical *a.* (לאָדזש'-אי-קעל) לאָגיש, ריכטיג נאָך'ן שכל, לויט די פּרינציפּען פון לאָגיק.

logical'ity *n.* (לאָדזש-אי-קעל'-אי-טי) לאָגישקייט, דאָס זיין לאָגיש.

log'ically *adv.* (לאָדזש'-אי-קעל-אי) לויט די פּרינציפּען פון לאָגיק; על פּי השכל.

log'icalness *n.* (לאָדזש'-אי-קעל-נעס) ז. *logicality*.

logi'cian *n.* (לאָ-דזשיש'-ען) א לאָגיקער, א קענער פון לאָגיק.

log'ion *n.* (לאָדזש'-אי-אָן) א גערייד, א זאָגעכץ, א שפּרוך.

logis'tic *a. and n.* (לאָ-דזשיס'-טיק) געאייבט אין רעכנען; וואָס איז שייך צו רעכנען; פּראַפּאָרציאָנאַל, פּערהעלטניס-מעסיג; די קונסט צו רעכנען אויף די פינגער אָדער אויף א רעכען-קעסטעל: די רעכנונג מיט 60-סטלעך [ווי מינוטען אָדער סעקונדען א. ד. ג.].

logis'tical *a.* (לאָ-דזשיס'-טי-קעל) גע-איבט אין רעכנען; וואָס איז שייך צו רעכנען; פּראַפּאָרציאָנאַל, פּערהעלטניס-מעסיג.

logis'tic arith'metic (לאָ-דזשיס'-טיק ע-ריטה'-מעט-איק) פּראַקטישע אַריפמע-טיק [דאָס רעכנען אויף די פינגער אָדער מיט צייכענס].

logis'tics *n.* (לאָ-דזשיס'-טיקס) די רעכ-נונג מיט 60-סטלעך [ווי מינוטען, סעקונ-דען א. ד. ג.]; דער טייל פון מיליטער-וויסענשאַפט וואָס פערנעהמט זיך מיט דער בעוועגונג פון די אַרמעען, זייער פּאַ-נאַנדערטיילונג א. ז. וו.; די סטראַטעגי-שע וויסענשאַפט, חכמת המלחמה.

log'-line *n.* (לאָג'-לאַין) די לאָג-שטריק [א שטריק צו מעסטען די שנעלקייט פון א שיף].

log'man *n.* (לאָג'-מען) א האָלץ-טרע-גער; איינער וואָס איז בעשעפטיגט ביים אויסהאַקען קלעצער און פיהרען זיי אין זעג-מיהל.

log'ogram *n.* (לאָג'-אָ-גרעם) א ראשי תבות, א בוכשטאַב אָדער א צייכען, וואָס ווערט געשריבען אַנשטאָט א וואָרט [צ. ב. דער צייכען $ וואָס בעדייטעט דאָלאַר].

log'ograph *n.* (לאָג'-אָ-גרעף) א געשרי-בענעם וואָרט; אן אינסטרומענט וואָס פּער-צייכענט אויסגעשפּראָכענע ווערטער.

logograph'ic *a.* (לאָג-אָ-גרעף'-איק) וואָס בעשטעהט פון צייכענס וואָס יעדער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר א וואָרט; וואָס איז שייך צו לאָגאָגראַפיע.
ז. *logography*.

logograph'ical *a.* (לאָג-אָ-גרעף'-אי-קעל) ז. *logographic*.

logograph'ically *adv.* (לאָג-אָ-גרעף'-אי-קעל-אי) דורך לאָגאָגראַפיע.
ז. *logography*.

logog'raphy *n.* (לאָ-גאָג'-רע-פי) וואָרט-דרוק [דאָס דרוקען מיט אַזא דרוק-שריפט, פון וועלכער יעדעס שטיקעל ענט-האַלט א זילבע אָדער א גאַנצעס וואָרט]; די מעטאָדע פון פערשרייבען א רעדע וואָרט ביי וואָרט דורך עטליכע רעפּאָר-טערס, וועלכע פערשרייבען אין דער רייה יעדער צו עטליכע ווערטער.

log'ogriph *n.* (לאָג'-אָ-גריף) א לאָגאָ-גריף [א מין בוכשטאַבען-רעטעניש].

logom'achist *n.* (לאָ-גאָמ'-ע-קיסט) א וואָרט-שטרייטער, איינער וואָס משפּעט זיך צו ווערטער.

logom'achy *n.* (לאָ-גאָמ'-ע-קי) א וואָרט-שטרייט, א וואָרט-קאַמפּף; א שפּיעל מיט קאַרטען, אויף וועלכע עס זיינען אָנ-געשריבען איינצעלנע בוכשטאַבען פון וועלכע עס דאַרפען צונויפגעשטעלט ווע-רען ווערטער.

logoma'nia *n.* (לאָג-אָ-מיי'-ני-אָ) דאָס פערלירען דאָס לשון, דאָס פערלירען די פעהיגקייט צו ריידען, שרייבען אָדער פער-שטעהן א שפּראַך. ז. *aphasia*.

logom'eter *n.* (לאָ-גאָמ'-ע-טער) א לאָגאָמעטער [א לאָגאַריטמישע סקאַלא, אַזא לינייקע אָדער ווירע, דורך וועלכער מען קען אויסגעפינען די לאָגאַריטמען פון צאָהלען]; א סקאַלא צו מעסטען כעמישע עקוויוואַלענטען; אַזא אינסטרומענט צו מעסטען די גשווינדיגקייט פון א שיף.

logomet'ric *a.* (לאָג-אָ-מעט'-ריק) וואָס איז שייך צו א לאָגאָמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען כעמישע עקווי-וואַלענטען].

logomet'rical *a.* (לאָג-אָ-מעט'-רי-קעל) ז. *logometric*.

Log'os *n.* (לאָג'-אָס) דער וואָרט; דער גייסט אָדער פערנונפט וואָס דריקט זיך אויס אין ווערטער; אין פילאָזאָפיע — דער לאָגאָס, דאָס געטליכע שאַפענדע וואָרט, דער געטליכער געדאַנק, וואָס האָט זיך אַבגעטיילט צו בעשאַפען און אָנפיה-רען די וועלט; אין דער קריסטליכער טע-אָלאָגיע — די צווייטע פּערזאָן אין דער געטליכער דרייאייניגקייט, גאָט'ס זוהן.

log'othete *n.* (לאָג'-אָ-טהיט) א רעכ-נונגס-בעאַמטער אָדער קאַנצלער אין דער אַלטער ביזאַנטישער מלוכה.

log'otype *n.* (לאָג'-אָ-טאַיפּ) וואָרט-דרוק-שריפט [דרוק-שריפט וואָס עטליכע בוכשטאַבען אָדער א גאַנצעס וואָרט איז אויסגעגאָסען צוזאַמען].

log'-reel *n.* (לאָג'-ריעל) די שפּול ארום וועלכער עס איז אַרומגעוויקעלט די לאָג-שטריק [די שטריק מיט וועלכער עס ווערט געמאָסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף].

log'roll *v.* (לאָג'-ראָול) אַריינגעהן אין א פּאָליטישען אַבמאַך צו שטיצען איינער דעם אַנדערען דורכצופיהרען געוויסע גע-זעצען אין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפ-טען.

log'-roll'er *n.* (לאָג'-ראָול'-ער) דאַמפּף-מאַשין אין א זעג-מיהל וואָס לעגט די קלעצער צום זעגען; איינער פון א פּאַרטיי אָדער גרופּע וואָס שליסט אן אַב-מאַך מיט אן אַנדער פּאַרטיי אָדער גרופּע אין א געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט צו שטיצען איינע די אַנדערע ביים דורכ-פיהרען געזעצען.

log'-roll'ing *n.* (לאָג'-ראָול'-אינג) 1. א פערזאַמלונג פון נאַכבאַרען אום צו העל-פען איינער דעם אַנדערען אַראַבצופיהרען קלעצער פון א פּלאַץ; 2. געגענזייטיגע שטיצע איינצעלנע פּערטרעטער אָדער גרופּען אין א געזעצגעבענדער קערפּער-שאַפט דורכצופיהרען געוויסע געזעצען.
2. The bill was passed in congress by log-rolling methods.

log'-tur'ner *n.* (לאָג'-טויר'-נער) אין א זעג-מיהל — א מאַשין, וועלכע בעוועגט דעם קלאָץ צו דער זעג צו

log'wood *n.* (לאָג'-הוואוד) בלוי-האָלץ [אַזא זאָרט זעהר האַרט האָלץ וואָס קומט פון צענטראַל-אַמעריקא. דיעזעס האָלץ צייכענט זיך אויס מיט זיין שווער-קייט. עס האָט א רויטליך-ברוינעם קאָ-ליר און ווערט בע-נוצט אין פאַרבען וואָל, זייד, באַוועל און לעדער. א געווי-סער עקסטראַקט פון דיעזען האָלץ ווערט בענוצט אין מעדי-צין]; דער בוים פון וועלכען דאָס בלוי-האָלץ ווערט גענומען.

Logwood

lo'hoch *n.* (לאָו'-האָק) ז. *linctures*.

loi'mic *a.* (לאָי'-מיק) וואָס איז שייך צו פּעסט אָדער מגפה.

loimog'raphy *n.* (לאָי-מאָג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון א פּעסט אָדער מגפה.

loimol'ogy *n.* (לאָי-מאָל'-אָ-דזשי) די לעהרע וועגען פּעסט אָדער מגפות.

loin *n.* (לאָין) די לענד, דאָס לענדען-שטיק.

loin'-cloth *n.* (לאָינ'-קלאָהטה) א שטיק צייג וואָס מען טראָגט אַרום די לענדען אָדער היפטען.

loi'ter *v.* (לאָי'-טער) זאַמען, צענגערען, פּטר'ען ציים, גאַרנישט טהאָן.

loi'ter about' (לאָי'-טער ע-באַוט') אַרומגעהען פּוסט און פּאַס.

loi'terer *n.* (לאָי'-טער-ער) אן אַרומ-טרייבער, א פּוסט און פּאַסניק, א לעדיג-געהער.

loi'tering *a.* (לאָי'-טער-אינג) פויל; זיייענדיג פויל.

loi'teringly *adv.* (לאָי'-טער-אינג-לי) פוילענדיג זיך.

loll *v.* (לאָל) זיך פויל אָנלעהנען, זיך ציהען [ווי פון פוילקייט]; אַרויסהענגען [ווי די צונג פון א הונד]; אַרויסשטע-קען [די צונג].

lol'lard *n.* (לאָל'-אַרד) א פוילענצער.

Lol'lard *n.* (לאָל'-אַרד) א לאָלאַרד, אן אָנהענגער פון דער ענגלישען רעפאָרמאַ-טאָר דזשאָן וויקליף אין 14טען יאָהרהונ-דערט, וועלכער איז אַרויסגעטרעטען גע-גען דער הערשאַפט פון די גייסטליכע און פון פּאַפּסט. דיעזע רעפאָרם-בעוועגונג, וועלכע איז אַריינגעלעגט געוואָרען פון פּאַפּסט אין חרם, האָט שפּעטער אָנגענו-מען אויסער איהר רעליגיעזען כאַראַקטער אויך א סאָציאַלען; א מיטגליעד פון א געוויסען פערעיין אין נידערלאַנד אַרום דעם יאָהר 1300, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו בעזוכען אָרימע קראַנקע און זיי צו בעערדיגען נאָך'ן טויט.

Lol'lardism *n.* (לאָל'-אַר-דיזם) די פּרינציפּען אָדער די לעהרע פון די לאָ-לאַרדען. ז. *Lollard*.

Lol'lardist *n.* (לאָל'-אַר-דיסט) וואָס איז שייך צו די לאָלאַרדען אָדער זייערע פּרינציפּען. ז. *Lollard*.

Lol'lardy *n.* (לאָל'-אַר-די) ז. *Lollardism*.

loll'er *n.* (לאָל'-ער) א פוילענצער, א פּוסט און פּאַסניק, אן אַרומטרייבער.

loll'ing *a.* (לאָל'-אינג) אַראַבהענגענדיג; פויל אָנלעהנענדיג זיך; ציהענדיג זיך [ווי פון פוילקייט].

loll'ingly *adv.* (לאל'-אינג-לי) הענגענ־דיג, ארויסהענגענדיג; פויל אנלעהנענדיג זיך; ציהענדיג זיך [ווי פון פוילקייט].

lol'lipop *n.* (לאל'-אי-פאפ) *lollypop* .ז

lol'ly *n.* (לאל'-אי) א צונויפמישונג פון שטיקער; ווייכע צוריבענע אייז פון קריהעם וואס שלאגען זיך צונויף; צוקער־געבעקס, קאנפעקטען.

lol'lybanger *n.* (לאל'-אי-בענ-גער) אזא דיקער אינגבער־קוכען געבאקען מיט ראזשינקעס.

lol'lypop *n.* (לאל'-אי-פאפ) א מין קאנפעקטען, א מין צוקער־געבעקס.

Lom'bard *n. and a.* (לאמ'-בארד) אן איינוואהנער אדער בירגער פון לאמבארדיע איז איטאליען; א מיטגליעד פון דעם גער־מאנישען שבט לאנגאבארדע, וועלכער האט ארום יאהר 568 איינגענומען א טייל פון נארד־איטאליען און האט געגרינדעט א קעניגרייך אונטער דעם נאמען לאמבאר־דיע; וואס איז שייך צו לאמבארדיע אדער צו איהרע איינוואהנער.

lom'bard *n.* (לאמ'-בארד) א לאמבארד, א לייה־הויז אויף משכנות.

Lombar'dic *a.* (לאמ-באר'-דיק) וואס איז שייך צו לאמבארדיע אדער צו איהרע איינוואהנער; וואס איז שייך צו דער קונסט פון לאמבארדיע. ז. ***Lombard***

lo'ment *n.* (לאו'-מענט) א גליעדערשייט [א געצאקטער שייט, ווי פון בעבלעך, וואס בעשטעהט פון אבגעטיילטע קעמער־לעך]



Loment

lomenta'ceous *a.* (לאו-מענ-טיי'-שיאס) וואס איז עהנליך צו א גליעדער־שייט; וואס האט גליעדער־שייטען. ז. ***loment***

Lon'don clay (לאנ'-דאן קליי) לאנדאנ־ליים [דער ליים־שיכט וואס האט זיך גע־בילדעט אין דער ערד אין דעם אנפאנג פון דער געאלאגישער טערציאר פעריאדע. דיעזע ליים געפינט זיך אין זיד־אסט ענג־לאנד און בעזאנדערס ארום און אין לאנ־דאן].

Lon'doner *n.* (לאנ'-דאנ-ער) א לאנ־דאנער.

Londonese' *a. and n.* (לאנ-דאנ-איס') וואס איז שייך צו לאנדאן אדער צו די אייגענטימליכקייטען פון דער לאנדאנער שפראך; די ענגלישע שפראך ווי זי ווערט גערעדעט אין לאנדאן.

Lon'donism *n.* (לאנ'-דאנ-איזם) א לאנדאנער שפראך־אויסדרוק.

Lon'donize *v.* (לאנ'-דאנ-איז) לאנדא־ניזירען, מאכען פאר א לאנדאנער; אנ־נעהמען לאנדאנער מאניערען אדער גע־וועהנהייטען.

Lon'don-pride *n.* (לאנ'-דאנ-פרייד) דאס פארצעלײַ־בלימעל [אזא גארטען־בלום וואס וואקסט אין ענגלאנד].

lone *a.* (לאון) איינזאם, אליין, אבגעזונ־דערט; עלענד, פערלאזען; אונפערהיי־ראט.

lone'liness *n.* (לאונ'-לי-נעס) איינזאמ־קייט, אבגעזונדערטקייט; עלענד, פערלא־זענהייט.

lone'ly *a.* (לאונ'-לי) איינזאם, אליין; עלענד, פערלאזען.

lone'ness *n.* (לאונ'-נעס) איינזאמקייט; אבגעזונדערטקייט.

lone'some *a.* (לאונ'-סאם) איינזאם, אליין, אבגעזונדערט, פערלאזען.

lone'somely *adv.* (לאונ'-סאם-לי) אויף אן איינזאמען, אבגעזונדערטען, פערלאזע־נעם שטייגער.

lone'someness *n.* (לאונ'-סאם-נעס) *loneliness* .ז

Lone'-Star State (לאונ'-סטאר סטייט) דער שטאאט טעקסאס [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ווערט אזוי גערופען, ווייל ווען דער שטאאט איז נאך געווען א זעלבסטשטענ־דיגע רעפובליק, האט זיך אויף זיין פלאג געפונען איין שטערען].

long *a., adv., n. and v.* (לאהנג) לאנג; לאנג־דויערענד; ווייט־גרייכענד, ווייט־בליקענד; שפעט, פערשפעטיגט; פון לאנג, זייט לאנג; עטוואס וואס איז לאנג; א לאנגע זילבע [אין פאעזיע]; א גאנ־צע נאטע; וואקאציע [פעריעז, קאניקו־לעס] אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען; בייענקען, געלוסטען.

long and short of it (לאהנג ענד שאהרט אוו איט) אלעס מיט איינאנדער, דער סך הכל, די אונטערשטע שורה.

The **long and short of it** is the defeat of Turkey in the war.

longanim'ity *n.* (לאנ-גע-נימ'-אי-טי) געדולד, געדולדזאמקייט, ארך אפים.

long'-backed *a.* (לאהנג'-בעקט) שטייף, געדולדיג.

long'-bar'relled *a.* (לאהנג'-בער'-עלד) מיט א לאנגער רעהר [וועגען שיס־גע־וועהר].

long'bill *n.* (לאהנג'-ביל) דער וואלד־שנעפ [א רויט־ברוינער פויגעל מיט שווארצע און גרויע פלעקען. א וויכטיגער יאגד־פויגעל].

long'-boat *n.* (לאהנג'-באוט) דאס גרעס־טע שיפעל וואס געפינט זיך אויף א דאמפף־שיף אדער זעגעל־שיף.

long'bow *n.* (לאהנג'-באו) דער גרוי־סער בויגען [אזא גרויסער פייל־בויגען וואס איז געברויכט געווארען אין די אל־טע צייטען].

long'-breath'ed *a.* (לאהנג'-ברעטהט) וואס האט א לאנגען אטהעם.

long clothes (לאהנג קלאוטהז) קינדער־קליידער וואס גרייכען איבער די פיס.

long coats (לאהנג קאוטס) *long clothes* .ז

long day (לאהנג דיי) א ווייטע צייט; אן אבלעגונג אדער פערצעגערונג אויף א לאנגער צייט.

long'-descen'ded *a.* (לאהנג'-די-סענ'-דעד) פון א יחוס'דיגער, אלטער אבשטא־מונג.

long divi'sion (לאהנג די-וויזש'-אן) א חלוק, אין וועלכען דער טיילער [די צאהל מיט וועלכער מען טיילט] איז גרע־סער ווי 10].

long doz'en (לאהנג דאזן) א גרויסער דוצענד [די צאהל 13].

long'-drawn *a.* (לאהנג'-דראהן) שטארק פאנאנדערגעצויגען.

The discussion was **long-drawn** out.

longe *n. and v.* (לאנדזש) א לאנגער שטריק צו פיהרען א פערד [ביים לער־נען]; אן ארט וואו מען לערנט פערד; פיהרען א פערד אויף'ן שטריק [ביים לערנען].

long'-eared *a.* (לאהנג'-איערד) מיט לאנגע אויערען.

long'-eared bat (לאהנג'-איערד בעט) די לאנג־אויעריגע פלעדערמויז.

long'-ears *n.* (לאהנג'-איערז) א עזעל.

long'er *n. and a.* (לאהנג'-ער) איינער וואס געלוסט נאך עפעס, איינער וואס בייענקט נאך עפעס; לענגער.

lon'gest *a. and adv.* (לאהנ'-געסט) וואס איז אם לענגסטען; אם לענגסטען.

longe'val *a.* (לאנ-דזשי'-וועל) לאנג־לעביג, וואס לעבט לאנג.

longev'ity *n.* (לאנ-דזשעוו'-אי-טי) לאנ־געס לעבען, לעבענס־דויער.

longe'vous *a.* (לאנ-דזשי'-וואס) *longeval* .ז

long face (לאהנג פייס) א געזיכט וואס דריקט אויס טרויער; א געזיכט וואס דריקט אויס שטארקען ערנסט; א געזיכט וואס דריקט אויס טעמפקייט.

long'-faced *a.* (לאהנג'-פייסט) מיט אן אויסגעצויגענעם געזיכט; מיט א טעמ־פען אויסזעהען; שטארק ערנסט.

long'-field *n.* (לאהנג'-פיעלד) אין קרי־קעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט ביים ענד פון שפיעל־פלאץ, רעכטס אדער לינקס פון דעם באל־ווארפער.

long'-field-off' *n.* (לאהנג'-פיעלד-אף') אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט ביים ענד פון שפיעל־פלאץ לינקס פון דעם באל־ווארפער.

long'-field-on' *n.* (לאהנג'-פיעלד-אן') אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט ביים ענד פון שפיעל־פלאץ רעכטס פון דעם באל־ווארפער.

long fig'ure (לאהנג פיג'-יור) א הויכער פרייז; א גרויסע סומע.

long firm (לאהנג פוירם) א שווינדעל־געשעפט.

long'-glass *n.* (לאהנג'-גלעס) אזא שמא־לער הויכער גלעזערנער בעכער.

long'hand *n.* (לאהנג'-הענד) די גע־וועהנליכע שריפט [אין געגענזאץ צו סטע־נאגראפיע].

He took **longhand** notes of the speech.

long head (לאהנג העד) א קלוגער, איי־בערלעגטער מענש.

long'-head'ed *a.* (לאהנג'-העד'-עד) איבערלעגט, קלוג.

long'-head'edness *n.* (לאהנג'-העד'-עד-נעס) איבערלעגטקייט, קלוגהייט.

long home (לאהנג האום) דער קבר.

long'horn *n.* (לאהנג'-האהרן) דער באק־קעפער [אזא זשוק מיט זעהר לאנגע פיהל־הערנער].

long'-horned *a.* (לאהנג'-האהרנד) מיט לאנגע הערנער.

long'-horned bull (לאהנג'-האהרנד בול) א זארט אקס וואס צייכענט זיך אויס מיט דער לאנגקייט פון זיינע הערנער.

Long-horned Bull

long hours (לאהנג אורז) איבער־שטונ־דען, לאנגע ארבייטס־צייט.

long house (לאהנג האוס) א געמיינ־שאפטליכע וואהנונג פון אייניגע אינדיא־נער־שבטים [ווי למשל, די איראקוואיס].

long hun'dred (לאהנג האנ'-דרעד) צעהן דוצענד [120].

lon'gicorn *n. and a.* (לאנ'-דזשי-קארן) דער באק־קעפער [אזא זשוק מיט לאנגע

פיהל=הערנער]: וואס האט לאנגע פיהל=הערנער.

Longicorn

longim'anous *a.* (לאנ-דזשימ'-ע-נאם) לאנג=הענדיג [וועגען געוויסע אפען].

longimet'ric *a.* (לאנ-דזשי-מעט'-ריק) לאנגימעטריש, וואס איז שייך צו לענג=מעסטונג.

longim'etry *n.* (לאנ-דזשימ'-ע-טרי) לאנגימעטריע, לענג=מעסטונג.

long'ing *n. and a.* (לאהנג'-אינג) שטארקער בעגעהר, געלוסט, ביינקעניש; געלוסטעניש [פאסטעמקעס] ביי שוואנגערע פרויען; שטארק בעגעהרענד, בייינקענד, געלוסטענד.

long'ingly *adv.* (לאהנג'-אינג-לי) מיט שטארקען בעגעהר, מיט ביינקעניש, געלוסטענדיג.

long'ing-mark *n.* (לאהנג'-אינג-מארק) שוואנגער=פלעקען [פלעקען וואס ערשיינען אויף'ן געזיכט פון שוואנגערע פרויען].

longipen'nate *a.* (לאנ-דזשי-פענ'-אייט) לאנג=פליגעלדיג.

Longipen'nes *n.* (לאנ-דזשי-פענ'-איז) דער מין פויגלען וואס האבען לאנגע פליגעל.

longipen'nine *a.* (לאנ-דזשי-פענ'-אין) ז. *longipennate*.

longiros'ter *n.* (לאנ-דזשי-ראס'-טער) א לאנג=שנאבעלדיגער פויגעל.

longiros'tral *a.* (לאנ-דזשי-ראס'-טרעל) לאנג=שנאבעלדיג.

longiros'trate *a.* (לאנ-דזשי-ראס'-טרייט) ז. *longirostral*.

long'ish *a.* (לאהנג'-איש) לאנגליך.

lon'gitude *n.* (לאנ'-דזשי-טיוד) די געאגראפישע לענג פון א געוויסען פלאץ [די שטרעקע וואס ווערט געמאסטען רעכטס און לינקס פון א בעשטימטען מערידיאן, וועלכער רופט זיך דער ערשטער]. ז. *meridian*.

longitu'dinal *a.* (לאנ-דזשי-טיו'-די-נעל) וואס געפינט זיך אדער לויפט אין דער לענג פון עפעס; וואס איז שייך צו דער געאגראפישער לענג. ז. *longitude*.

longitu'dinally *adv.* (לאנ-דזשי-טיו'-די-נעל-אי) אין דער לענג, נאך דער געאגראפישער לענג [איבערהויפט פון דער ערד]. ז. *longitude*.

long'-leg'ged *a.* (לאהנג'-לעגד) לאנג=פיסיג.

long'-legs *n.* (לאהנג'-לעגז) א לאנג=פיסיגער מענש; א לאנג=פיסיגער אינזעקט.

long'-lived *a.* (לאהנג'-לאיווד) וואס לעבט לאנג; לאנג=דויערענד.

long'ly *adv.* (לאהנג'-לי) לאנג [אין שטח]; פאר א לאנגער צייט.

long meas'ure (לאהנג מעזש'-אור) לענגען=מאס.

long nine (לאהנג נאין) א לאנגע ליי=מענע פיפקע [ליולקע].

long'nose *n.* (לאהנג'-נאוז) דער הארן=העכט [א פיש מיט א לאנגען פיסק, ענליך צו א העכט]. ז. *garfish*.

long odds (לאהנג אדז) 1. א גרויסער אונטערשיעד; 2. א גרעסערער וועט געגען א קלענערען.

1. By **long odds** he is the tallest of the two. 2. He received **long odds** in his bet.

long'-off *n.* (לאהנג'-אף) ז. *long-field-off*.

long'-on *n.* (לאהנג'-אן) ז. *long-field-on*.

Long Par'liament (לאהנג פאר'-לי-מענט) דער לאנגער פארלאמענט [דער ענגלישער פארלאמענט וואס האט עקזיסטירט איבער 12 יאהר און איז אויפגעלעזט געווארען פון קראמוועל'ען אין יאהר 1653].

long pig (לאהנג פיג) א מענשליכער קרבן פון קאניבאלען [מענשען=פרעסער].

long price (לאהנג פראיס) דער פולער פרייז.

long prim'er (לאהנג פרימ'-ער) קארפוס אדער גארמאנד [אזא דרוק=שריפט וואס געהט אן ערך פון 90 שורות אין א פוס].

This line is in long primer.

long pull (לאהנג פול) א דויערענדע אנשטרענגונג.

long purse (לאהנג פוירס) א שווערער בייטעל; רייכטום.

long'-range *a.* (לאהנג'-ריינדזש) ווייט=גרייכענד, ווייט=שיסענד; וואס האט גרויסע השגות.

long robe (לאהנג ראוב) אן אדוואקאטען=מאנטעל [וואס אדוואקאטען טראגען אין געריכט]; די אדוואקאטען=פראפעסיאן.

long roe to hoe (לאהנג ראו טו האו) האבען פאר זיך א שווערע, ערמיעדענדע ארבייט אדער אונטערנעהמונג.

long'-run *n.* (לאהנג'-ראן) דער גאנצער גאנג, פערלויף, פראצעס אדער קורס [פון א זאך אדער פאסירונג].

In the **long-run** it pays to be honest.

longs and shorts (לאהנגז ענד שאהרטס) שפיעל=קארטען פון פערשיעדענער גרויס [צום שווינדלען].

long sea (לאהנג סיע) א ים, אין וועלכען עס לויפען רעגעלמעסיג און אונאויפהערליך לאנגע כוואליעס.

long'shanks *n.* (לאהנג'-שענקס) א לאנג=פיסיגער מענש; שטאלצען; דער שטראנד=רייטער [אזא פויגעל].

long'shore *a. and n.* (לאהנג'-שאור) וואס געפינט זיך ביים ברעג פון'ם ים; וואס איז בעשעפטיגט ביים ברעג פון ים; א דאק=ארבייטער [וואס איז בעשעפטיגט ביים אנלאדען און אויסלאדען שיפען]; איינער וואס איז בעשעפטיגט מיט פישעריי ביים ברעג פון ים.

long'shoreman *n.* (לאהנג'-שאור-מען) א דאק=ארבייטער [אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט ביים אויסלאדען און אנלאדען שיפען]; איינער וואס איז בעשעפטיגט מיט פישעריי ביים ברעג פון ים.

long'-short *n.* (לאהנג'-שאהרט) א קורץ ארבייטס=קלייד [פאר פרויען].

long'-sigh'ted *a.* (לאהנג'-סאי'-טעד) ווייטזיכטיג, וואס זעהט ווייט; פארויסזעהונגס=פעהיג, מיט א ווייטען קוק.

long'sightedness *n.* (לאהנג'-סאי-טעד-נעס) ווייטזיכטיגקייט; פארויסזעהונגס=פעהיגקייט, א ווייטער בליק.

long since (לאהנג סינס) לאנג צוריק; זייט לאנג.

long'some *a.* (לאהנג'-סאם) לאנג און לאנגווייליג.

long'someness *n.* (לאהנג'-סאם-נעס) לאנגווייליגקייט; דאס זיין לאנג און לאנגווייליג.

long'-spun *a.* (לאהנג'-ספאן) פאנאנדערגעצויגען; לאנגווייליג.

I want no **long-spun** arguments.

long stan'ding (לאהנג סטענ'-דינג) אלטקייט, לאנג=דויעריגקייט, דאס עקזיסטירען פון לאנג.

This is an evil of **long standing**.

long'-sta'ple *a.* (לאהנג'-סטייפל) וואס האט לאנגע פעדים אדער פיבער; [וועגען בוימוואל=פלאנצען].

long'-stop *n.* (לאהנג'-סטאפ) אין קריקעט=שפיעל — דער הינטערמאן, דער שפיעלער וואס שטעהט הינטער דעם טויער=ווארטסמאן [וואס שטעהט ביים טויער אדער ביי דער עפנונג].

long'stop *v.* (לאהנג'-סטאפ) זיין א הינטערמאן [אין קריקעט=שפיעל]. ז. *long-stop*.

long'-suf'fering *n. and a.* (לאהנג'-סאפ'-ער-אינג) לאנגמוטיגקייט, געדולדזאמקייט; לאנגמיטיג, לאנג=דולדענד [ארך אפים].

long'-tail *n. and a.* (לאהנג'-טייל) א חיה מיט א לאנגען אדער ניט=אונטערגעשניטענעם עק [הויפטזעכליך וועגען א פערד אדער הונד]; וואס האט א לאנגען עק, וואס האט א ניט=אונטערגעהאקטען עק.

long'-tailed *a.* (לאהנג'-טיילד) לאנג=עקיג; פאנאנדערגעצויגען.

long'-tails *n.* (לאהנג'-טיילז) פאזאנען [אזעלכע פויגלען].

long Tom (לאהנג טאם) אן אפאראט צו וואשען גאלד; א לאנגע קאנאנע [געברויכט אויף שיפען]; א לאנגער סיגאר.

long ton (לאהנג טאן) א גרויסע טון [2,240 פונט].

Coal is sold by the **long ton**.

long'-tongue *n.* (לאהנג'-טאנג) א מין האלץ=פיקער [אזא פויגעל].

long tongue (לאהנג טאנג) א פלוי=דערזאק.

long'-tongued *a.* (לאהנג'-טאנגד) וואס האט א לאנגע צונג; וואס פלוידערט.

long'-wais'ted *a.* (לאהנג'-הוויים'-טעד) וואס האט א לאנגען רומפ [דער קערפער פון א שיף אהן די מאסטען, מאשינעריע א. ז. וו., אדער דער טייל פון מענשליכען קערפער פון די פאכוועס ביז די לענדען].

long way (לאהנג הוויי) א לאנגער וועג, א לאנגע שטרעקע; ווייט.

long'ways *adv.* (לאהנג'-הווייז) אין דער לענג, נאך דער לענג.

long'-win'ded *a.* (לאהנג'-הווינ'-דעד) לאנג=אטהעמדיג; פיעל=ריידענדיג; לאנג און לאנגווייליג [וועגען ריידען אדער שריפטען].

long'-win'dedness *n.* (לאהנג'-הווינ'-דעד-נעס) לאנג=אטהעמדיגקייט; פיעל=ריידעריי; לאנגווייליגקייט.

long'wise *adv.* (לאהנג'-הוואיז) אין דער לענג, נאך דער לענג.

loo *n., v. and int.* (לוה) לוה אדער מושקא [אזא קארטען=שפיעל]; געווינען אין דיעזען שפיעל; א צורוף [צו ציהען אויפמערקזאמקייט].

loo'bily *a. and adv.* (לוה'-בי-לי) אונ= געלומפערט; טעמפ.

loo'by *n. and a.* (לוה'-בי) אן אונגע= לומפערטער אדער טעמפער מענש; אונ= געלומפערט; דומ.

look *v. and n.* (לוק) קוקען; ארויסקו= קען, ארויסגעהן, זיין געווענדעט; בעווא= כען, אכטונג געבען; זיין פארזיכטיג, זיך היטען; אויסזעהן; אויסקוקען אויף עפעס, ערווארטען; ווירקען דורך'ן קוק אדער מיט'ן אויסזעהן; אויסדריקען דורך א בליק אדער דורך דעם געזיכטס=אויסדרוק; דאס אויסזעהן; א קוק, א בליק.

look about' (לוק ע-באוט') זיך ארומקו= קען, זיך ארומזעהן.

look about' one (לוק ע-באוט' הוואן) זיין פארזיכטיג, זיך אריענטירען, זעהן וואס עס איז צו טהאן.

look a fig'ure (לוק ע פיג'-יור) אויס= זעהן ווי א סטראשידלע [אזוי אז עס איז א שרעק א קוק צו טהאן].

look a fright (לוק ע פראיט) אויס= זעהן ווי א סטראשידלע.

look af'ter (לוק עפ'-טער) אכטונג גע= בען אויף עפעס; ערווארטען עפעס; ווע= גען עטוואס נאכדענקען; עפעס אין אכט נעהמען.

look alive' (לוק ע-לאיוו') זיין אויף דער וואך, זיין פארזיכטיג.

look all won'der (לוק אהל הוואנ'- דער) אויסזעהן פערוואונדערט, אויסשטע= לען א פאר גרויסע אויגען.

look at (לוק עט); קוקען אויף עפעס; לויט דעם אויסזעהן, אויף'ן קוק.

look at home (לוק עט האום) האבען אין זינען אייגענע געשעפטען, זיך ניט מישען אין פרעמדע געשעפטען.

look black (לוק בלעק) אויסזעהן פער= דריסליך אדער אנגעכמורעט.

look blue (לוק בלו) אויסזעהן טרויע= ריג; אויסזעהן פערשעמט אדער צעטו= מעלט.

look dag'gers (לוק דעג'-ערז) מיט'ן קוק דורכשטעכען, קוקען בייז.

look down (לוק דאון); ארונטערקוקען; צווינגען איינעם אראבצולאזען די אויגען.

look down on (לוק דאון אן) קוקען אויף אימעצען פון אויבען אראב, בע= טראכטען אלס נידריגער פון זיך; פעראכ= טען.

look down upon' (לוק דאון א-פאן') ז. *look down on.*

look'er *n.* (לוק'-ער) א קוקער, א זוכער, א נאכזוכער, א נאכפארשער.

look'er-on *n.* (לוק'-ער-און) א צוקוקער, א צושויער.

look for (לוק פאר) זוכען; ארויסקוקען אויף עפעס, ערווארטען עפעס.

look for'ward (לוק פאר'-הווארד) קו= קען פאָרויס; ארויסקוקען אויף עפעס, ערווארטען.

We are **looking** forward to good times in this country.

look here! (לוק היער) העי זיך איין! הער נור!

look'-hole *n.* (לוק'-האול) א קוק=לאך.

look in (לוק אין) זיך אריינכאפען א צו קוק צו טהאן אויף עפעס; אריינקוקען.

look'ing *n.* (לוק'-אינג) דאס זוכען, דאס נאכזוכען.

look'ing-for *n.* (לוק'-אינג-פאר) דאס ארויסקוקען, ערווארטונג, פארויסזעהונג.

look'ing-glass *n.* (לוק'-אינג-גלעס) א שפיגעל.

look in the face (לוק אין טהי פייס) קוקען גלייך אין געזיכט; מוטיג בעגעג= נען.

look in'to (לוק אינ'-טו) אריינקוקען; גענוי בעטראכטען, אונטערזוכען, חוקר ודורש זיין.

We must **look into** the matter before giving our decision.

look it (לוק איט) גאנץ אזוי אויס= זעהן.

I am very tired. Yes, you **look** it.

look like (לוק לאיק) אויסזעהן ווי...

look low (לוק לאו); אויסזעהן שלעכט אויסזעהן נידערגעשלאגען.

look nine ways (לוק נאין הוועיז) זיך ווארפען אויף אלע זייטען, אויספרובען אלע וועגען.

look on (לוק אן); קוקען אויף עפעס; בעטראכטען; צוקוקען, זיין א צושויער; בעטראכטען אלס...; שעצען.

look one's age (לוק הוואנז איידזש) אויסזעהן ניט עלטער און ניט יונגער ווי אין דער ווירקליכקייט, אויסזעהן ריכטיג נאך'ן עלטער.

look one's best (לוק הוואנז בעסט) זעהר גוט אויסזעהן.

look one's full (לוק הוואנז פול) זיך זאט אנקוקען.

look one's last (לוק הוואנז לעסט) ווארפען דעם לעצטען בליק [פאר'ן טויט].

look one's self (לוק הוואנז סעלף) אויסזעהן ווי געוועהנליך.

look one's self in the face (לוק הוואנז סעלף אין טהי פייס) זיך זעהן אין שפיעגעל, קוקען אין שפיעגעל.

look out (לוק אוט) ארויסקוקען; זיין אויף דער וואך, אויפפאסען; אויסזוכען, אויסקלייבען.

look'out *n.* (לוק'-אוט) דאס אויסקוקען אויף עפעס; דאס זיין אויף דער וואך; א וואך; א וואך=פלאץ, אן אבסערוואציאנס=פונקט; עטוואס וואס ווערט בעאב= אכטעט, עטוואס וואס ווערט געהאלטען אן אויג דאראויף; אן אויסקוק.

look out for (לוק אוט פאר) זיך היטען; ארויסקוקען אויף עפעס; ערווארטען עפעס, פארויסזעהן עפעס.

look out of coun'tenance (לוק אוט אוו קאונ'-טע-נענס) בריינגען אין פער= לעגענהייט, צוטומלען [דורך א בליק].

look o'ver (לוק או'-ווער) דורכקוקען; דורכבלעטערען.

look sharp (לוק שארפ) קוקען מיט בייזע אויגען; שטארק אויפפאסען; זיין זעהר פארזיכטיג; זיך איילען.

look small (לוק סמאהל) אויסזעהן אדער זיין פערשעמט אדער אין פערלע= גענהייט.

look squall'y (לוק סקהוואהל'-אי) אויס= זעהן מרה=שחורה'דיג.

The sea **looks** very **squally.**

look strange (לוק סטריינדזש) קוקען אויף אימעצען קאלט; אויסזעהן מאדנע.

look to (לוק טו) 1. אכטונג געבען אויף עפעס; 2. זיך פערלאזען אויף אימעצען, ערווארטען עפעס פון אימעצען.

2. Don't **look to** me for help. I shall do nothing for you.

look to one's self (לוק טו הוואנז סעלף) פאר זיך אליין זארגען; זיך פער= לאזען אויף זיך אליין.

look to'ward (לוק טאו'-ארד) קוקען אין דער ריכטונג פון...; קוקען צו; טרינ= קען פאר אימעצענס געזונד.

look up (לוק אפ) ארויפקוקען; נאכזעהן, נאכזוכען; בעזוכען, ארויפקומען צו אי= מעצען.

look upon' (לוק א-פאן') ז. *look on.*

look up to (לוק אפ טו) בעטראכטען מיט אכטונג; בעטראכטען איינעם אלס מוסטער.

look vol'umes (לוק וואל'-יומז) פיעל אויסדריקען מיט'ן בליק, ווארפען פיעל= בעדייטענדע בליקען.

look yel'low (לוק יעל'-או) קוקען מיט קנאה; זיין אייפערזיכטיג.

loom *n. and v.* (לוהם) א וועבער=שטוהל, א וועב=מאשין; א רודער=גריף, א רודער= הענטעל; א שימערירען [ניט קלאר אויס= זעהן פון ווייטען]; דאס אנהויבען שי= מערירען אדער בעווייזען זיך ניט קלאר [פון ווייטען]; אן אונקלארער, אוננא= טירליך=פערגרעסערטער אדער הויכער אויסזעהן פון ווייטען; זיך הויבען הויך; די לומע [אזא וואסער=פויגעל, ז. *guillemot*]; שימערירען, ניט קלאר זיך זעהן פון ווייטען; אויסזעהן פון ווייטען ניט קלאר, אוננאטירליך=גרויס אדער אוננאטירליך=הויך [איבער דער ערד אדער וואסער].

loom'-fig'ured *a.* (לוהמ'-פיג'-יורד) וואס האט אן אריינגעוועבטע פיגור [ווע= גען געוועבטע שטאפען].

loom'-gale *n.* (לוהמ'-גייל) א לייכטער ווינד.

loo'ming *n.* (לוה'-מינג) דאס שימערירען פון ווייטענס, דאס בעווייזען זיך ניט קלאר [פון ווייטען]; א מיראזש, א לופט= אבשפיגלונג [ווען זאכען ווייזען זיך פון ווייטען אויס גרעסער און העכער ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט].

loom'-pic'ture *n.* (לוהמ'-פיק'-טשור) א אויסגעוועבטע פיגור [אין געוועבטע שטאפען].

loon *n.* (לוהן) דער אייז=טויכער אדער דער פאלאר=מעער=טויכער [א וואסער= פויגעל פון די קאלטע נארד=טיילען. די פעדערען פון די פערשיעדענע מינים זיי= נען פון פערשיעדענער פארב, אנפאנגענ= דיג פון גלאנציג=שווארץ און ענדיגענדיג מיט בלויליך=גרוי. די בעוועגונגען און דער געשריי פון דיעזען פויגעל אין צייט פון געפאהר זיינען משונה'דיג ווילד]; א דומקאפ, א גולם.

loo'ning *n.* (לוה'-נינג) דער ווילדער געשריי פון אן אייז=טויכער. ז. *loon.*

loop *n. and v.* (לוהפ) א שלייף; עטוואס וואס איז ענליך צו א שלייף; א בוי= גונג, א קרימונג; א זייטיגע אייזענבאהן= ליניע אדער טעלעגראפען=ליניע וואס ביל= דעט מיט דער הויפט=ליניע עטוואס ענה= ליכעס צו א שלייף; אן אויער פון א כלי [ענהליך צו א שלייף]; א רינגעל ביים ענד פון א מאשינען=טייל וואס קאנטרא= לירט די בעוועגונג פון א צווייטען טייל; שלייפען=ארבייט [ביים שטריקען]; א קנאטען [אויף געוויסע פלאנצען]; א קליי= נע פערגרעסערונגס=גלאז; א שמאל פענ= סטער; א שמאלע עפנונג, א קוק=לאך [אין א פעסטונג]; א פלויט; בעפעסטיגען מיט שלייפען; אננעהמען די פארם פון א שלייף; בעזארגען מיט שלייפען; זיך בעוועגען אזוי, אז דער וועג זאל בילדען שלייפען [ווענען דער לארווא, די ווערימלעך פון איינינע אינזעקטען].

loop'hole *n.* (לוהפ'-האול) א לאך, אן עפנונג, א קוק=לאך, א שיס=לאך [אין פעס= טונגען]; אן אויסרייד, א תירוץ; א מי= טעל זיך אויסצודרעהען פון עפעס.

loop'holed *a.* (לוהפ'-האולד) וואס האט

קוק־לעכער אדער עפנונגען צום שיסען [ווי פעסטונגען].

loop'light *n.* (לוהפ'־לאיט) א שמאל פענסטערל; א קליינע עפנונג [צום בע־לייכטען].

loop'-line *n.* (לוהפ'־לאין) א זייטיגע אייזענבאהן־ליניע. ז. *loop*

loop the loop (לוהפ טהי לוהפ) א געבויגענער קינסטליכער וועג, וואו א וואַ־גען אדער שליטען לויפט ארויף אויף א בארג מיט דעם אימפעט וואס ער קריגט ארונטערלויפענדיג פון אן אנדער בארג.

loop'work *n.* (לוהפ'־הוואירק) שלייפען־ארבייט [ביים שטריקען].

loo'py *a.* (לוה'־פי) כיטרע, בעטריגע־ריש.

loose *a., n. and v.* (לוהס) לויז, אבגע־בונדען, ניט פערשטייפט, שלאף, פריי; שיטער; פאנאנדערגעלאזען; פעראיינ־צעלט, צושטרייט; אונבעשטימט, שוואַנ־קענד; נאכלעסיג; אויסגעלאסען, צולאַ־זען, פערשייט; מיט א שוואכען מאגען; דאס ארויסלאזען, דאס אויסשיסען [ווי א פייל פון בויגען]; אויפבינדען, פאנאַנ־דערבינדען; ארויסלאזען, בעפרייען; אב־לאזען; אבשוואכען; פאנאנדערלאזען; מאכען לויז.

loose fish (לוהס פיש) אן אויסגעלאסע־נער יונג, א הולטאי.

loose'ly *adv.* (לוהס'־לי) אויף א לויזען, פרייען אדער ניט געבונדענעם שטייגער; מיט נאכלעסיגקייט; אויסגעלאסען, צולאַ־זען, פערשייט.

loo'sen *v.* (לוה'סן) מאכען לויז; אויפ־לעזען; ערשיטערען, אויפטרייסלען; לויז מאכען, אויפבינדען; מאכען לויז־לייב; ווייך מאכען [דעם באדען]; זיך אויס־בינדען, זיך פאנאנדערלאזען.

loose'ness *n.* (לוהס'־נעס) שלאפקייט, לויזקייט; צולאזענקייט, פערשייטקייט; ניט־צוזאמענגעבונדענקייט; לויז־לייב.

loose'strife *n.* (לוהס'־סטראיף) וועז־ביייניק [א מין גראז מיט געלבע בלי־טהען. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

loot *n. and v.* (לוהט) רויב, קריגס־רויב; רויבען, ראבעווען; נעהמען רויב. The soldiers are beginning to loot the conquered city.

loo'-ta'ble *n.* (לוה'־טיי'בל) א רונדער טישעל צו שפיעלען לוה. ז. *loo*

loo'ter *n.* (לוה'־טער) א רויבער, א פאַ־גראמשטשיק.

lop *v. and n.* (לאפ) אבשניידען דעם שפיץ, בעשניידען; לאזען הענגען; אראב־הענגען [ווי די אויערען ביי א הונד, חזיר א. ד. ג.]; דאס אראבהענגען; דער אב־שניט; דאס וואס איז אבגעשניטען גע־ווארען.

lop and top (לאפ ענד טאפ) אבגע־שניטענע ריטלעך און צווייגלעך; יעדער טייל; דאס גאנצע.

lope *v. and n.* (לאופ) גאלאפירען, לויפען מיט א גאלאפ; שפרינגען; א לייכ־טער גאלאפ; אן ארט לויפען מיט לאנגע טריט.

lop'-eared *a.* (לאפ'־איערד) לאנג־אויער־דיג, מיט אראבהענגענדע אויערען.

lo'per *n.* (לאו'־פער) איינער וואס לויפט מיט א גאלאפ; דער ווירבעל אדער דרעה־רינג, וואס ווערט בענוצט אין מאכען שטריק.

lop'per *n.* (לאפ'־ער) אן ארומשניידער פון צווייגען, א בוים־בעשניידער.

lop'ping *n.* (לאפ'־אינג) דאס אבשניידען אלע צווייגען פון א בוים [ניט לטובת דעם בוים, נאר כדי צו בענוצען די צוויי־גען]; די אבגעשניטענע צווייגען.

lop'ping-ax *n.* (לאפ'־אינג־עקס) א קליינע האק, וועלכע מען בענוצט ארומצו־האקען די צווייגלעך פון א בוים.

lop'pings *n.* (לאפ'־אינגז) אבגעשניטע־נע צווייגען.

lop'ping-shears *n.* (לאפ'־אינג־שירז) א גרויסע שער וואס ווערט בענוצט ארומ־צושניידען קוסטעס און בוימלעך.

lop'sided *a.* (לאפ'־סאי'־דעד) וואס בויגט זיך צו איין זייט; שווערער אדער מעהר ענטוויקעלט אין איין זייט.

loqua'cious *a.* (לא־קהוויי'־שאס) בערע־דעוודיג, פלאפלעריש, פלוידערדיג.

loqua'ciously *adv.* (לא־קהוויי'־שאס־לי) אויף א פלאפלערישען אדער פלוידער־דיגען אופן.

loqua'ciousness *n.* (לא־קהוויי'־שאס־נעס) שוואַצהאפטיגקייט, פלוידערישקייט; פלאפלעריי.

loquac'ity *n.* (לא־קהועס'־אי־טי) ז. *loquaciousness*

lo'quence *n.* (לאו'־קהווענס) דאס רייד־דען.

lo'rate *a.* (לאו'־רייט) — אין באטאניק צונג־פערמיג, אויסגעצויגען אין דער לענג.

lor'cha *n.* (לאהר'־טשא) א מין כינעזי־שע זעגעל־שיף.

lord *n. and v.* (לאהרד) א לארד, א הערר; א הערשער; א געוועלטיגער; דער טיטול פון איינעם, צו וועלכען מען בע־ציהט זיך מיט רעספעקט אדער עהרפורכט; א פעאדאל, א לאנד־אייגענטימער; דער טיטול פון א הויכען אדעליגען אדער הוי־כען בעאמטען אין ענגלאנד; אויפהויבען צו דער מדרגה פון א לארד, אנערקענען פאר א הערשער; געוועלטיגען אדער הער־שען ווי א לארד.

Lord *n.* (לאהרד) גאט, דער רבונו של עולם.

lord ad'vocate (לאהרד עד'־וואַ־קייט) אין שאטלאנד — דער אויבער־פראקוראר אדער דער הויפט שטאאטס־אנוואלט.

lord cham'berlain (לאהרד טשיימ'־בער־לען) דער אויבער קאמערהערר [אין ענגלישען קעניגליכען הויף].

Lord Chief Jus'tice (לאהרד טשיעף דזשאס'־טיס) דער טיטול פון אויבער־ריכטער אדער פארזיצענדען פון העכסטען געריכט אין ענגלאנד.

lord high chan'cellor (לאהרד האי טשענ'־סעל־אר) אין ענגלאנד — דער גרויס־קאנצלער און פארזיצענדער פון לאר־דען־הויז [ער רופט צונויף דורך א מאַ־ניפעסט דעם פארלאמענט, ער בעשטימט אלע פריעדענס־ריכטער און האט נאך פער־שיעדענע הויכע פונקציאנען].

lord'kin *n.* (לאהרד'־קין) א קליינער אדער יונגער לארד.

lord'less *a.* (לאהרד'־לעס) אהן א לארד אדער פעאדאל; ניט אבהענגיג פון אן אוי־בערהארר.

lord lieuten'ant (לאהרד ליו־טענ'־ענט) אין ענגלאנד — דער טיטול פון וויצע־קעניג און גובערנאטאר פון איר־לאנד; דער הויפט־בעאמטער פון א גראפ־שאפט אדער בעצירק.

lord'like *a.* (לאהרד'־לאיק) ווי א לארד; בעפעהלעריש; שטאלץ; העזה'דיג.

lord'liness *n.* (לאהרד'־לי־נעס) דאס האבען די בענעהמונג און אויפפיהרונג פון א לארד; ווירדע; הויכמוטה, שטאלץ.

lord'ling *n.* (לאהרד'־לינג) א הארלעלע, א קליין הערשערל.

lord'ly *a. and adv.* (לאהרד'־לי) אדעליג, אריסטאקראטיש; גרויס, הויך; הויכמוטיג; שטאלץ; העזה'דיג; מעשה לארד, הער־שעריש.

Lord May'or (לאהרד מיי'־אר) דער טיטול פון שטאדט־הויפט אדער בירגער־מייסטער פון לאנדאן, דובלין און יארק [ענגלאנד].

Lord of hosts (לאהרד אוו האוסטס) גאט פון די הערשאפטען, ה' צבאות.

lord of a man'or (לאהרד אוו ע מענ'־אר) א גוטסבעזיצער, א פריץ.

lord par'amount (לאהרד פער'־ע־מאונט) דער העכסטער, דער אויבערהער־שער, דער פעאדאל.

Lord's Day (לאהרדז דיי) דער קריסט־ליכער שבת [זונטאג].

lord'ship *n.* (לאהרד'־שיפ) די לארד־שאפט, דער שטאנד אדער ווירדע פון א לארד; דער בעצירק אונטער דער הער־שאפט פון א לארד; הערשאפט, געוואלט, מאכט.

Lord's Prayer (לאהרדז פרעהר) די קריסטליכע תפילה וואס פאנגט זיך אן "אונזער פאטער אין הימעל".

lords spir'itual (לאהרדז ספיר'־אי־טשו־על) אין ענגלאנד — די ארצבישאַ־פען און בישאפען, וועלכע זיינען מיטגליע־דער אין לארדען־הויז פון ענגלישען פאר־לאמענט.

Lord's Sup'per (לאהרדז סאפ'־ער) דאס הייליגע אבענדמאהל [א הייליגע צע־רעמאניע אין די קריסטליכע קירכען].

Lord's ta'ble (לאהרדז טייבל) דער טיש אין קירך, אויף וועלכען עס ליגענט דאס הייליגע ברויט און וויין פון הייליַ־גען אבענדמאהל.

lords tem'poral (לאהרדז טעמ'־פא־רעל) די וועלטליכע לארדען [די לארדען פון ענגלישען אויבער־הויז, וועלכע זיינען ניט קיין גייסטליכע].

lore *n.* (לאור) דאס וואס ווערט געלע־רענט; וויסען, לעהרע, געלעהרזאמקייט; ביי א פויגעל — דער טייל פון קאפ צווי־שען דעם אויג און שנאבעל.

lorette' *n.* (לא־רעט') א לארעטקע, אן אויסגעלאסענע פרוי פון הויכען שטאנד, וועלכע לעבט אויף'ן חשבון פון איהרע גע־ליעבטע.

lorgnette' *n.* (לאהר־ניעט') א לארנעט [ברילען וואס לעגען זיך צונויף און ווערען געהאל־טען אויף א הענטעל].

Lorgnette

lorgnon' *n.* (לאהר־ניאן') ז. *lorgnette*

lori'ca *n.* (לא־ראי'־קא) ביי די אלטע רוימער — א קיראסע, א מין פאנצער וואס בעדעקט דאס הארץ און דעם רוקען.

Lorica'ta *n.* (לאר־אי־קיי'־טא) די אלע פערשיעדענארטיגע קלאסען חיות, וועלכע האבען א הארנדיגען פאנצער אדער בע־דעקונג.

lor'icate *v., a. and n.* (לאר'־אי־קייט) איבערציהען אדער בעדעקען מיט א קאַ־רע אדער שיכט אלס בעשיצונג; בעשיצט מיט א געוויסען צודעק; וואס בעשטעהט פון פלאטען אדער שיכטען ארויפגעלעגט איינע אויף די אנדערע; וואס האט א מוי־שעל; בעדעקט מיט א הארץ־פאנצער; א חיה וואס איז בעדעקט מיט א הארנדיגען אדער ביינינגען צודעק אדער מושעל.

lor'icated *a.* (לאר'-אי-קיי-טעד) איבערגעצויגען, בעדעקט, איבערגעלעגט מיט א קארע, שיכט אדער פלאטע.

Lorica'ti *n.* (לאר-אי-קיי'-טאי) דער מין טהיערע און פיש, וועלכע זיינען בעדעקט מיט א הארנדיגען פאנצער אדער פלאטע.

lorica'tion *n.* (לאר-אי-קיי'-שאן) איבערצוג, איבערלעג, בעדעקונג [מיט א קארע, שיכט אדער פלאטע].

lor'icoid *a.* (לאר'-אי-קאיד) ז. *loricated*

lorikeet' *n.* (לאר-אי-קיעט') א מין קליינער פאפוגאי מיט א לאנגער דינער צונג, מיט וועלכער ער ציהט ארויס די זאפט פון בלומען און פרוכטען.

lor'imer *n.* (לאר'-אי-מער) א שפארען-מאכער; א זאטעל-מאכער.

lor'iner *n.* (לאר'-אי-נער) ז. *lorimer*

lor'iot *n.* (לאר'-אי-אט) דער גאלדדראסעל [א קליין אייראפעאיש זינג-פויגעלע. דער "ער" האט א גאלד-געלבען קאליר מיט א שווארצען עק און פליגלען; די "זי" האט א געלב-גרינעם קאליר].

lo'ris *n.* (לאו'-ריס) דער ציילאנער לעמור [אזא אפען-עהנליכע חיה וואס געפינט זיך אויף דעם אינזעל ציילאן].

Loris

lorn *a.* (לאהרן) פערלאזען; פערלארען; איינזאם.

lo'rum *n.* (לאו'-ראם) — ביי א פויגעל דער טייל פון קאפ צווישען אויג און שנאבעל.

lo'ry *n.* (לאו'-רי) אזא קליינער פאפוגאי וועלכער געפינט זיך אין געוויסע טיילען פון אזיען און אויף דעם מאלאאישען ארכיפעלאג [ער צייכענט זיך אויס מיט דער פערשיעדענארטיגקייט און מיט דעם גלאנץ פון די קאלירען פון זיינע פעדערען].

Lory

lo'sable *a.* (לוה'-זעבל) פערליערבאר; וואס מען קען פערליערען אדער פערשפיעלען.

lose *v.* (לוהז) פערליערען; פערשפיעלען; אנווערהען עפעס; ליידען א היזק; פאלען אין פרייז; שפעטיגען זיך [וועגען א זייגער]; דורכלאזען [א געלעגענהייט]; ניט בעמערקען עפעס, ארויסלאזען פון אויפמערקזאמקייט; פערשווענדען, פטר'ען [צייט]; זיין די אורזאכע פון א פערלוסט; רואינירט ווערען.

lo'seable *a.* (לוה'-זעבל) ז. *losable*

lose caste (לוהז קעסט) פערליערען די שטעלונג אין דער געזעלשאפט.

lose foot'ing (לוהז פוט'-אינג) אויסגלימשען זיך.

lose ground (לוהז גראונד) פערליערען דעם באדען; אבטרעטען צוריק; זיין ארויסגעשטויסען פון דער פריהעריגער פאזיציע אדער שטעלונג; פערליערען די אויבערמאכט; אנווערהען דעם קרעדיט אדער די בעדייטונג; פערליערען דעם איינפלוס.

lose heart (לוהז הארט) פערליערען דעם מוטה.

lo'sel *n. and a.* (לוה'-זעל) א טויגעניכטס, א ניכטסווירדיגער מענש, א לייידאק; ניכטסווירדיג; וואס טויג אויף גאר נישט.

lose one's grip (לוהז הוואנז גריפ) פערליערען די קאנטראלע איבער עפעס; דורכפאלען אין א געשעפט אדער אונטערנעהמונג.

lose one's head (לוהז הוואנז העד) פערליערען דעם קאפ: ניט וויסען וואס צו טהאן; זיין פערצווייפעלט.

lose one's legs (לוהז הוואנז לעגז) אויסגליטשען זיך, געשטרויכעלט ווערען.

lose one's mind (לוהז הוואנז מאינד) זיין אויסער זיך: משוגע ווערען.

lose one's self (לוהז הוואנז סעלף) פערליערען דעם וועג, פערבלאנדזשען; פערליערען זיך, ווערען צומישט אדער צוטומעלט; פערליערען דעם קאפ, אנווערען דעם פערשטאנד.

lose one's tem'per (לוהז הוואנז טעמ'-פער) פערלירען די קאנטראלע איבער זיך, ארויסגעהן פון די כלים, ווערען אין כעס.

lo'ser *n.* (לוה'-זער) א פערליערער; א פערשפיעלער.

lose sight of (לוהז סאיט אוו) פערליערען פון אויג, פערנאכלעסיגען.

lose the bell (לוהז טהי בעל) פערליערען אדער בעזיעגט ווערען אין א געפעכט.

lo'sing *a.* (לוה'-זינג) וואס פערליערט; וואס פעראורזאכט פערלוסט אדער ענדיגט זיך מיט פערלוסט.

lo'sing pri'ces (לוה'-זינג פראי'-סעז) פרייזען, צו וועלכע מען לעגט צו.

loss *n.* (לאהס) דער אנווער, שאדען, היזק; דער טויט; א פערלוסט; א דורכפאל; דאס פעהלען, דער מאנגעל, די אבוועזענהייט פון עפעס; אין יאגד — דאס פערליערען דעם שפור פון א חיה אדער פויגעל.

loss of time (לאהס אוו טאים) צייט-פערלוסט.

loss on loss (לאהס אן לאהס) איין שאדען נאך דעם אנדערען.

lost *a.* (לאהסט) פערלארען; פערשפיעלט; ניט בענוצט; דורכגעלאזען; פערניכטעט; צושטערט; צושטרייט [מיט צופלאנטערטע רעיונות].

lost cause (לאהסט קאהז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דער פערלארענער קאמפף, וועלכען די דרום-שטאאטען האבען געפיהרט געגען די צפון-שטאאטען אין בירגער קריעג; א פערלארענער קאמפף.

lost mo'tion (לאהסט מאו'-שאן) אין מעכאניק — ענערגיע-פערלוסט דורך דעם אונטערשיעד אין דער בעוועגונגס-געשווינדיגקייט ביי א מאשין וואס ווערט בעטריבען פון א מאטאר [צוליעב קאנסטרוקציאנס-פעהלערען אדער דורך אבנוצונג].

lost to shame (לאהסט טו שיים) אהן שום בושה.

lot *n. and v.* (לאט) א לאאז; א גורל; א חלק; דאס שיקזאל, דער מזל; א טייל; א שטיקעל אבגעטיילט לאנד; א קופע; א סך; טיילען אין חלקים; ווארפען גורל.

Lo'ta *n.* (לאו'-טא) א מין פיש, וועלכע האבען א לאנגליכען און רונדען טונקעלגרויען קערפער מיט שטעכער אויף'ן קאפ.

lo'ta *n.* (לאו'-טא) ז. *lotah*

lo'tah *n.* (לאו'-טא) א קליינער, רונדער מעטאלענער טאפ, וואס ווערט געברויכט אין אסט-אינדיען צו טראגען וואסער.

lote *n.* (לאוט) דער הארן-קליי [ז. *Lotus*]; דער שטעך-פיש [ז. *burbot*].

lote'-tree *n.* (לאוט'-טריע) ז. *lotus-tree*

loth *n.* (לאוט) א לויט, א געוויסע רוסישע אדער דייטשע וואג [ענטהאלט $\frac{1}{32}$ פון א רוסישען פונט].

Lotha'rio *n.* (לא-טהיי'-רי-או) א צולאזענער, אן אויסגעלאסענער מענש; א פרויען-פערפיהרער.

lo'tion *n.* (לאו'-שאן) דאס וואשען דאס פנים; א קאסמעטישער אדער מעדיצינישער מיטעל צו וואשען די הויט.

lo'to *n.* (לאו'-טא) ז. *lotto*

lot of ground (לאט אוו גראונד) א שטיקעל לאנד וואס איז אויסגעטיילט געווארען פאר א בעשטימטען צוועק, ווי פאר א געביידע, פאשע א. ד. ג.

lo'tos *n.* (לאו'-טאס) ז. *lotus*

lots of mon'ey (לאטס אוו מאנ'-אי) זעהר פיעל געלד.

lot'tery *n.* (לאט'-ע-רי) דער גורל: די לאטעריי.

lot'tery tick'et (לאט'-ע-רי טיק'-עט) א לאטעריי-צעטעל.

lot'to *n.* (לאט'-או) דאס לאטא-שפיעל [א מין שפיעל מיט קארטען אדער פלאטען, אויף וועלכע עס זיינען פערצייכענט פערשיעדענע נומערען און רונדע נומערירטע קליינע קלעצעלעך. ביים ארויסציהען יעדעס קלעצעלע ווערט אויסגערופען זיין נומער און אויב דיזער נומער געפינט זיך אויף א קארטע, ווערט ער בעדעקט מיט עפעס. די קארטע, אויף וועלכער אלע נומערען זיינען אויף אזא אופן פערדעקט געווארען, האט געוואונען].

lo'tus *n.* (לאו'-טאס) די לאטאס-פלאנצע, איינע פון די פערשיעדענע אייראפעאישע און אזיאטישע וואסער-ליליען מיט ווייסע אראמאטע בלומען און רונדע דיקע בלעטער. געוועזן פערהייליגט ביי איינינע פעלקער פון אלטערטום, ווי אין עגיפטען, אינדיען א. ד. ג.; אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אין דער פארם פון אן עגיפטישער וואסער-ליליע.

Lotus

Lo'tus *n.* (לאו'-טאס) [א מין הארן-קליי עסבארע גראזען מיט געלבע בליטהען].

lo'tus-ea'ter *n.* (לאו'-טאס-איט'-טער) א לאטאס-עסער, איינער פון א לעגענדא-

רען פאלק, די לאטאפאגען, וועגען וועלכע די גריכישע לעגענדען דערצעהלען, אז זיי פלעגען זיך ערנעהרען מיט לאטאס-פלאנצען און זיינען שטענדיג געווען מונטער און גליקליך; א פרעהליכער יונג; איינער וואס זוכט תענוגים און פערגעניגענס.

lo'tus-tree *n.* (לאו'-טאס-טריע) א שטעכיגער קוסט אדער בוש פון דרום-אייראפא און צפון-אפריקא מיט גרויסע, זיסע און אראמאטישע יאגדעס.

loud *a. and adv.* (לאוד) מיט א הויכער שטימע, שרייענד, ליארמענד; וואס לאזט ארוים א שטארקען קול; וואס רעדט מיט ענערגיע אדער ענטוזיאזם; דרינגענד, שרייענד; וואס ווארפט זיך אין די אויגען, וואס רופט ארוים אן עפעקט; אויפפאלענד, בעריהמעריש; בלענדענד, שרייענד [פון פארבען]; מיט איבערמעסיגער פרעכטיגקייט אדער גלאנץ; מיט א שטארקען שלעכטען גערוך; אויף א שרייענדען, ליארעמדען אופן.

loud applause' (לאוד ע-פלאהז') שטורמישער בייפאל, שטורמישע אפלאדיסמענטען.

loud'ly *adv.* (לאוד'-לי) מיט א הויכען קול; אויף א שרייענדען, ליארעמדען אופן.

loud'-mouthed *a.* (לאוד'-מאוטהט) מיט א גרויסען מויל; מיט א שטארקען קול; שרייענדיג.

loud'ness *n.* (לאוד'-נעס) הויכקייט אדער שטארקייט פון קול; שרייענדיגקייט [פון פארבען, פון פוץ א. ד. ג.].

lough *n.* (לאך) אן אזיערע.

lou'is *n.* (לוה'-אי) א לואידאר [א פראנצויזישע גאלדענע מטבע פון 20 פראנק].

Lou'is-Quatorze' *a.* (לוה'-אי-קא-טאהרז') וואס איז שייך צום סטיל פון ארכיטעקטור און דעקאראציאן פון די צייטען פון פראנצויזישען קעניג לודוויג דעם 14טען אין יאהר 1638—1715 [פאלאצען מיט גרויסע זאאלען און ברייטע טהירען און פענסטער און מיט בעגילטע ווענד און סטעליעס].

Lou'is-Quinze' *a.* (לוה'-אי-קענז') וואס איז שייך צום סטיל פון ארכיטעקטור און דעקאראציאן פון די צייטען פון פראנצויזישען קעניג לודוויג דעם 15טען [1710—1774 יאהר].

Lou'is-Seize' *n. and a.* (לוה'-אי-סייז') וואס איז שייך צום סטיל פון ארכיטעקטור און דעקאראציאן פון די צייטען פון פראנצויזישען קעניג לודוויג דעם 16טען [1754—1793 יאהר].

Lou'is-Treize' *a.* (לוה'-אי-טרייז') וואס איז שייך צום סטיל פון ארכיטעקטור און דעקאראציאן פון די צייטען פון פראנצויזישען קעניג לודוויג דעם 13טען [אין די יאהרען 1601—1643].

lounge *n. and v.* (לאונדזש) א זאפא, א קושעטקע; זיך ארומטרייבען, אומגעהן פוסט און פאס, געהן לעדיג, נארנישטטהאן; ליעגען אויסגעצויגען אויף'ן דיוואן אדער זאפא; דאס ארומגעהן לעדיג; דאס זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד; דאס ארט, וואו עס קומען פוילענצער און פוסט-און-פאסניקעס.

loun'ger *n.* (לאונ'-דזשער) א לעדיגגעהער, א פוסט-און-פאסניק.

lour *v.* (לאור) קוקען כמורנע.

louse *n.* (לאוס) א לויז.

louse *v.* (לאוז) לויזען, זוכען לייז.

louse'wort *n.* (לאוס'-הוואירט) די לויז-קרויט [א מין גראז וואס מען פלעגט אין די אלטע צייטען בענוצען אלס א מיטעל געגען לייז].

lou'sily *adv.* (לאו'-זי-לי) אויף א לויזיגען שטייגער; געמיין, קבצנ'ישדיג.

lou'siness *n.* (לאו'-זי-נעס) לייזיגקייט.

lou'sy *a.* (לאו'-זי) לייזיג; לומפיג, נידריג, געמיין.

lout *n. and v.* (לאוט) א דומקאפ, אן אונגעלומפערטער מענש, א גולם; בויגען זיך; בוקען זיך.

lou'tish *a.* (לאו'-טיש) דום, אונגעלומפערט.

lou'tishly *adv.* (לאו'-טיש-לי) מעשה פויער; אונגעלומפערט.

lou'trin *n.* (לוה'-טרין) דער אטער אדער ווידרא. ז. *otter*

lou'ver *n.* (לוה'-ווער) א לאך אדער פענסטער אין דאך פון א מיטעלאלטערליכען הויז ארויסצולאזען דעם רויך; א מין פענסטער מיט ברייטליכע שרעג אויסגעלעגטע פלאטען צו ווענטילירען דאס צימער.

lou'ver-win'dow *n.* (לוה'-ווער-הווינ'-דאו) ז. *louver*

lovabil'ity *n.* (לאוו-ע-ביל'-אי-טי) ליעבענסווירדיגקייט, דאס האבען די פעהיגקייט אדער די אייגענשאפטען געליעבט צו ווערען.

lov'able *a.* (לאוו'-עבל) ליעבענסווערטה; ליעבליך; וואס מען קען ליעבען; וואס פערדיענט געליעבט צו ווערען.

lov'ableness *n.* (לאוו'-עבל-נעס) ליעבענסווירדיגקייט; א ליעבענסווירדיגער כאראקטער.

lov'age *n.* (לאוו'-עדזש) דאס ליעבשטעקעל [אזא בערג-פלאנצע וואס ווערט אפט קולטיווירט אין גערטנער].

love *v. and n.* (לאוו) ליעבען, האלט האבען; ליעבע; ליעבשאפט: א געליעבטער, א געליעבטע.

love'-affair' *n.* (לאוו'-ע-פעהר') א ליעבע; א ליעבעס-פערהעלטניס.

love'-ap'ple *n.* (לאוו'-עפל) דער ליעבעס-עפעל, א טאמאטע [א פאמידאר, א פאטלאזשאן].

love'-bird *n.* (לאוו'-בוירד) דער געזעלשאפטס-פויגעל [א מין קליינער פאפוגאי וואס צייכענט זיך אוים מיט זיין צוגעבונדענקייט צו זיין פאר].

Love-bird

love'-bro'ker *n.* (לאוו'-בראו'-קער) א ליעבע-מעקלער; א שדכן.

love'-cause *n.* (לאוו'-קאהז) ז. *love-affair*

love'-child *n.* (לאוו'-טשאילד) אן אונגעזעצליך-געבארענעס קינד.

love dear'ly (לאוו דיער'-לי) הארציג ליעבען.

love'-fa'vor *n.* (לאוו'-פיי'-וואר) א ליעבעס-צייכען; א ליעבעס-אנדענקען.

love'-feast *n.* (לאוו'-פיעסט) דאס ליעבעס-פעסט, די ליעבעס-מאהלצייט [א רעליגיעזע מאהלצייט ביי די ערשטע קריסטען אדער אזא עהנליכע מאהלצייט ביי געוויסע קריסטליכע סעקטען נאך היינט].

love'-grass *n.* (לאוו'-גרעס) דאס ליעבעס-גראז [אזא גראז וואס וואקסט אויף די געוועהנליכע לאנקעס].

love'-in-i'dleness *n.* (לאוו'-אינ-אי'דל-נעס) דאס שטיעף-מיטערכען [אזא בלום].

love'-knot *n.* (לאוו'-נאט) א ליעבעס-קניפעל, א ליעבעס-שלייף [א קניפעל אדער א שלייף אלס א צייכען פון טרייער ליעבע].

love'less *a.* (לאוו'-לעס) אהן ליעבע, אונגעליעבט.

love'-let'ter *n.* (לאוו'-לעט'-ער) א ליעבעס-בריעף.

love'-lies-blee'ding *n.* (לאוו'-לאיז-בליע'-דינג) דער רויטער אמאראנט [אזא רויטע גארטען-בלום וואס וואקסט מייסטענס ליעגענדיג צוליעב איהרע שוואכע ווארצלען].

love'liness *n.* (לאוו'-לי-נעס) ליעבליכקייט, רייץ.

love'-lock *n.* (לאוו'-לאק) א געקרויזעלטער לאק איינגעפלאכטען מיט א בענדעל, וואס קאוואליערען פלעגען טראגען אין 17טען יאהרהונדערט; א חן-לאק.

love'-lorn *a.* (לאוו'-לאהרן) אויסגעהענדיג פון ליעבע; וואס געהט אוים פון ליעבע.

love'ly *a. and adv.* (לאוו'-לי) ליעבליך, ליעבענסווירדיג, רייצענד.

love'-ma'king *n.* (לאוו'-מיי'-קינג) דאס שדכנ'ען זיך.

love'-match *n.* (לאוו'-מעטש) הייראט אוים ליעבע.

love'monger *n.* (לאוו'-מאנ-גער) א שדכן, א פערמיטלער אין שדוכים.

love'-par'rot *n.* (לאוו'-פער'-אט) ז. *love-bird*

love'-po'tion *n.* (לאוו'-פאו'-שאן) א ליעבעס-טראנק.

lov'er *n.* (לאוו'-ער) א ליעבהאבער, א ליעבהאבערין, א געליעבטער, א געליעבטע.

lov'ered *a.* (לאוו'-ערד) וואס האט א געליעבטע; וואס האט א געליעבטען.

love'-shaft *n.* (לאוו'-שעפט) א ליעבעס-פייל [ווי די פיילען וואס קופיד אדער אמור, דער מיטאלאגישער גאט פון ליעבע, שיסט אין די הערצער פון פערליעבטע].

love'-sick *a.* (לאוו'-סיק) ליעבעס-קראנק.

love'-sick'ness *n.* (לאוו'-סיק'-נעס) ליעבעס-קראנקהייט.

love'some *a.* (לאוו'-סאם) ליעבליך.

love'somely *adv.* (לאוו'-סאם-לי) מיט ליעבליכקייט.

love'-song *n.* (לאוו'-סאהנג) א ליעבעס-ליעד.

love'-suit *n.* (לאוו'-סיוט) דאס שדכנ'ען זיך.

love'-to'ken *n.* (לאוו'-טאו'קן) א ליעבעס-צייכען; אן אנדענקונגס-צייכען.

love'-worth *a.* (לאוו'-הוואירטה) דאס זיין ווערטה געליעבט צו ווערען.

love'-wor'thy *a.* (לאוו'-הוואיר'-טהי) ליעבענסווערטה.

lov'ing *a.* (לאוו'-אינג) ליעבענד; ליעבליך, פריינדליך.

lov'ing-cup *n.* (לאוו'-אינג-קאפ) א פריינדשאפטס־בעכער וואס ווערט איינעם געגעבען אלס אנדענקונג אדער אלס אנער־קענונג פון זיינע פערדיענסטען.

lov'ing-kind'ness *n.* (לאוו'-אינג-קאינד'-נעס) ליעבהארציגקייט; ליעבעס־פריינדשאפט, גוטסקייט.

lov'ingly *adv.* (לאוו'-אינג-לי) מיט ליעבע.

lov'ingness *n.* (לאוו'-אינג-נעס) ליע־בע, צערטליכקייט.

low *a., adv., n. and v.* (לאו) נידריג; טיעף; ביליג; ווייניג; קארג; שוואך; געמיין; קליין; קליינליך; ווייניג בעדיי־טענד; ארונטערגעלאזען; מיט א גדריק־טער שטימונג, מעלאנכאליש; אויף א נידריגען שטייגער; אין א געמיינער לא־גע; אין דער שפעטסטער צייט; מיט א נידריגען, געדריקטען אדער שטילען קול; אין קארטען־שפיעל — דער נידריגסטער טרומף אדער קאזיר; דאס מעקען פון א בהמה; מעקען [ווי א בהמה].

low'bell *n. and v.* (לאו'-בעל) א גלע־קעל, וואס הענגט אויף'ן האלז פון א שעפס אדער אן אנדער בהמה; א מין גלעקעל, מיט וועלכען מען קלינגט ביים ארייננארען פויגלען אין נעץ; אריינגנא־רען פויגלען אין נעץ דורך'ן קלינגען מיט אזא גלעקעל.

low born (לאו בארן) פון נידריגען יחוס, גראב.

low'-boy *n.* (לאו'-באי) א קאמאד אויף קורצע פיס.

low bred (לאו ברעד) פון א נידריגער ערציהונג, אונגעבילדעט, געמיין.

Low'-church *a.* (לאו'-טשוירטש) ליבע־ראל אין די קירכליכע ענינים; וואס גלויבט ניט אז די אויטאריטעט פון דער קירך שטאמט פון די אפאסטאלען; וואס האלט ניט פון פיעל רעליגיעזע צערעמא־ניעס; עוואנגעליש. ז. *Low Church*.

Low Church (לאו טשוירטש) די לי־בעראלע פארטיי אין דער אנגליקאנישער אדער עפיסקאפאלישער קירך [די פארטיי, וועלכע אנערקענט ניט, אז די אויטאריטעט פון דער קירך און די יעראַרכיע פון בי־שאפען שטאמט ארוים דירעקט פון די אפאסטאלען. זי האלט אויך ניט פון פיע־לע רעליגיעזע צערעמאניעס און סימבא־לען און שטעהט אין געגענזאץ צו דער קאנסערוואטיווער פארטיי]. ז. *High Church*.

Low'-church'man *n.* (לאו'-טשוירטש'-מען) אן אנהענגער פון דער ליבעראלער פארטיי אין דער אנגליקאנישער קירך. ז. *Low Church*.

low come'dian (לאו קא-מי'-די-ען) אן אקטיאר וואס שפיעלט קאמישע רא־לען אין א פארס.

Low Coun'tries (לאו קאנ'-טריז) ני־דערלאנד, האלאנד.

low dawn (לאו דאהן) דער ערשטער אויסברוך אויף טאג; דער ערשטער בא־גינען.

low'-day *n.* (לאו'-דיי) א וואכעדיגער טאג, א טאג ווען עס פאלט ניט אוים קיין קירכליכער יום־טוב.

low'-down *a.* (לאו'-דאון) זעהר נידריג; געמיין; פערדארבען.

low'-dow'ner *n.* (לאו'-דאו'-נער) א געזונקענער, געמיינער מענש; א גרוי־סער ארימאן.

Low Dutch (לאו דאטש) פלאט־דייטש, האלענדיש, די האלענדישע שפראך.

low'er *v., a. and n.* (לאו'-ער) מאכען נידריגער; טיעפער לעגען; זינקען, אראבלאזען, ארונטערלאזען; אראבזעצען [דעם פרייז]; פערקלענערען [דעם ווערטה]; מאכען שוואכער [א פליסיג־קייט]; אראבזעצען, ערנידריגען [אין דער עפענטליכער מיינונג]; מאכען שווא־כער [אין געזונד]; זינקען; פאלען, ארונטערגעהן [אין פרייז]; קוקען מיט כמורנע בליקען; אנשטעלען א פערפינ־סטערטען פנים; ווערען איז כעס; סטרא־שען; טונקעל ווערען; נידריגער; אונ־טערער; כמורנעקייט, טונקעלקייט, פינ־סטערקייט, א כמורנער פינסטערער בליק.

low'er case (לאו'-ער קיים) איז דרוקע־ריי — די אונטער־העלפט פון שריפט־קאס־טען מיט קליינע אותיות.

low'er-case *a. and n.* (לאו'-ער-קיים) אין דרוקעריי — וואס איז שייך צו דעם אונטערשטען טייל פון שריפט־קאסטען, וואו עס ליעגען די קליינע אותיות; די קליינע אותיות פון דרוק־שריפט.

low'er deck (לאו'-ער דעק) דער אונ־טערשטער דעק [אויף א שיף].

low'ering *a.* (לאו'-ער-אינג) כמארע־דיג, וואלקענדיג; וואס דראהט מיט א שטורם.

low'eringly *adv.* (לאו'-ער-אינג-לי) דונקעל, פינסטער, טריב.

low'ermost *a.* (לאו'-ער-מאוסט) דער נידריגסטער, דער אונטערשטער, דער סא־מע נידריגסטער.

low'est *a.* (לאו'-עסט) וואס איז דער נידריגסטער אדער לעצטער.

low'est bid'der (לאו'-עסט ביד'-ער) דער וואס באט ווייניגער ווי אלע.

Low'-Ger'man *a.* (לאו'-דזשויר'-מען) וואס איז שייך צו פלאט־דייטש אדער צו די דיאלעקטען פון דער דייטשער שפראך וואס ווערען געברויכט אין די צפון־געגענ־דען פון דייטשלאנד.

Low Ger'man (לאו דזשויר'-מען) נידער־דייטש [די גרופע גערמאנישע אדער טויטאנישע שפראכען, וועלכע שלי־סען איין אין זיך די גאטהישע, האלענדי־שע און ענגלישע שפראכען]; פלאט־דייטש.

low'ing *n.* (לאו'-אינג) דאס מעקען פון א קוה.

low'land *n.* (לאו'-לענד) נידריגעס לאנד, פלאכעס לאנד.

Low'lander *n.* (לאו'-לענ-דער) אן איינוואהנער פון די נידריגע פלאכע גע־גענדען פון שאטלאנד.

Low'lands *n.* (לאו'-לענדז) די פלאכע, ניט הויכע געגענדען אין שאטלאנד.

Low Lat'in (לאו לעט'-אין) מיטעל־אלטערליכער לאטיין [די לאטיינישע שפראך אין דער צייט, ווען זי האט אויפ־געהערט צו זיין קלאסיש און האט אריינ־גענומען אין זיך פיעל עלעמענטען פון אנ־דערע שפראכען].

low lat'itudes (לאו לעט'-אי-טיודז) די געאגראפיע'ע ברייט־ליניען, וואס גע־פינען זיך נאהנט צום עקוואטאר.

low'liness *n.* (לאו'-לי-נעס) נידריג־קייט; קליינינקייט, עניוות, בעשיידענ־הייט.

low'-lived *a.* (לאו'-לאיווד) וואס פיהרט א נידריגע ארט לעבען; גראב, געמיין, וואולגאר.

low'ly *a. and adv.* (לאו'-לי) נידריג, קליין; געמיין; דעמיטיג; נידערגעשלא־גען.

low'ly born (לאו'-לי בארן) פון נידרי־גען יחוס.

low mal'low (לאו מעל'-או) ז. *Jew's-mallow*.

low mar'riage (לאו מער'-אידזש) די הייראט מיט א פערזאן פון א נידריגען שטאנד.

low mass (לאו מעס) א געוועהנליכע גאטעס־דיענסט אין קירך אהן געזאנג פון כאר.

low'-min'ded *a.* (לאו'-מאינ'-דעד) נידריג געזינט, מיט שלעכטע מחשבות.

lown *n.* (לאון) א דומקאפ, א גולם, א שוטה.

low'ness *n.* (לאו'-נעס) נידריגקייט; קליינהייט; געמיינהייט, פאדלעקייט.

low'-pres'sure *a.* (לאו'-פרעש'-אור) וואס ארבייט מיט א שוואכען דרוק פון דאמפף [וועגען א דאמפף־מאשין].

low relief' (לאו רע-ליעף') ז. *bas-relief*.

low'-roofed *a.* (לאו'-רוהפט) מיט א נידריגען דאך.

low'ry *n.* (לאו'-רי) א פלאטפארמע־וואגאן [אויף אייזענבאהנען].

low'-spir'ited *a.* (לאו'-ספיר'-אי-טעד) נידערגעשלאגען, טרויריג.

low'-spir'itedness *n.* (לאו'-ספיר'-אי-טעד-נעס) נידערגעשלאגענהייט.

low'-stud'ded *a.* (לאו'-סטאד'-עד) מיט נידריגע ביישטיהלען; נידריג גע־בוים.

Low Sun'day (לאו סאנ-'דיי) דער ערשטער זונטאג נאך פסח.

low wa'ter (לאו וואה'-טער) די ניד־ריגסטע ליניע, ביז וועלכער דאס וואסער פאלט אראב אין א טייך, אין ים א. ד. ג.

low wine (לאו וואין) א שוואכער ליקער וואס בעקומט זיך פון דעם ערשטען איבערזייען די פערברויזטע וויינטרויבען אדער אנדערע פרוכטען.

low'-worm *n.* (לאו'-וואירם) א מין פערד־קראנקהייט וואס בעשטעהט אין אן אויסשלאג אויף דער פעל.

lox'ocosm *n.* (לאק'-סא-קאזם) אן אינ־סטרומענט צו בעווייזען ווי אזוי עס ענ־דערט זיך די לענג פון טאג אום זומער, הערבסט, ווינטער און פריהלינג.

lox'odrome *n.* (לאק'-סא-דראום) ז. *loxodromic line*.

loxodrom'ic *a.* (לאק-סא-דראמ'-איק) וואס איז שייך צו א שרעגער אדער קאסער ריכטונג פון א שיף אין ים איבער דער לאקסאדראמישער ליניע. ז. *loxodromic line*.

loxodrom'ic curve (לאק-סא-דראמ'-איק קורוו) די לאקסאדראמישע ליניע. ז. *loxodromic line*.

loxodrom'ic line (לאק-סא-דראמ'-איק לאין) די לאקסאדראמישע ליניע [דער גאנג פון א שיף אין א שרעגער ריכטונג צום עקוואטאר, אזוי, אז די ליניע, וועלכע בעצייכענט דיעזען גאנג, שניידט איבער אלע מערידיאנען אונטער איינעם און דעמ־זעלבען ווינקעל].

loxodrom'ics *n.* (לאק-סא-דראמ'-איקס) דער גאנג פון א שיף אין דער ריכטונג פון א לאקסאדראמישער ליניע. ז. *loxodromic line*.

lox'odromy *n.* (לאק'-סא-דראו-מי) ז. *loxodromics*.

loy'al *a.* (לאי'-על) לאיאל; טריי; גע־טריי; איבערגעגעבען.

loy'alism *n.* (לאי'-על-איזם) לאיאליזם,

טרייהייט: איבערגעבענהייט צום קעניג, צום פריץ, צום הערשער.

loy'alist *n.* (לאי׳-על-איסט) א לאיא־ליסט, איינער וואס איז טריי צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג; אין דער אמע־ריקאנער געשיכטע — אן אנהענגער פון דער ענגלישער רעגירונג אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן.
During the American Revolution the **loyalist** party was very strong in New York.

loy'ally *adv.* (לאי׳-על-אי) אויף א טרייען, איבערגעבענעם שטייגער.

loy'alty *n.* (לאי׳-על-טי) טרייקייט, גע־טרייקייט; איבערגעבענהייט; דאס זיין א טרייער אונטערטהאן צום קעניג, פריץ א. ד. ג.

loz'enge *n. and a.* (לאז׳-ענדזש) אין געאמעטריע — א ראמבוס, א פיער־קאנ־טיגע פיגור מיט צוויי שפי־ציגע און צוויי שטומפפע ווינקלען; דאס וואס איז ענהליך צו א ראמבוס; א פיער־קאנטיגע פיגור אויף א שילד; א זיסע צוקערקע אדער קיכעל; א שויב פון א פענסטער; דאס אויסגע־שניטענע פאפיער פאר קאנ־ווערטען א. ד. ג.; אין דעקאראציאנען — אויסגעשטעלט, אויסגעלעגט אדער אויסגע־מאלען אין א ראמבוס־פארם.


Lozenge

loz'enge-mol'ding *n.* (לאז׳-ענדזש-מאול׳-דינג) די קיכעל־פערמיגע בעפוצונג פון א הויז, ווי דער געזימס א. ד. ג.

lub'ber *n.* (לאב׳-ער) אן אונגעלומפער־טער, ניט־ריהרעוודיגער מענש; א ניט־גענייטער מאטראז.

lub'ber-line *n.* (לאב׳-ער-לאין) ז. *lubber's point*

lub'berliness *n.* (לאב׳-ער-לי-נעס) אונגעלומפערטקייט, ניט־ריהרעוודיגקייט.

lub'berly *a. and adv.* (לאב׳-ער-לי) אונגעלומפערט, ניט־ריהרעוודיג; אויף אן אונגעלומפערטען, ניט־ריהרעוודיגען אופן.

lub'ber's hole (לאב׳-ערז האול) א חלל אין א שיפס־מאסט, דורך וועלכען מאטראזען קריכען ארויף אויף׳ן שפיץ מאסט; א מיטעל זיך ארויסצודרעהען ווי א פיינלינג.

lub'ber's point (לאב׳-ערז פאינט) א שווארצער שטריך אין אינערליכען ראנד פון קאמפאס־קאסטען אויף א שיף, וואס בעצייכענט די ריכטונג פון דעם שפיץ פון דער שיף.

lu'bric *a.* (ליו׳-בריק) גלאט, גליטשיג; צולאזיג, אונבעשטענדיג; וואקעלדיג; צולאזעו, תאוה׳דיג.

lu'brical *a.* (ליו׳-ברי-קעל) ז. *lubric*

lu'bricant *a. and n.* (ליו׳-ברי-קענט) וואס מאכט גלאט אדער גליטשיג [ווי למשל, אויל]; עטוואס וואס מאכט גליטשיג [ווי אויל], שמיער [פאר מאשינען, רע־דער א. ד. ג.].

lu'bricate *v. and a.* (ליו׳-ברי-קייט) שמירען, מאכען גלאט אדער גליטשיג [דורך אויל, למשל]; גליטשיג.

lubrica'tion *n.* (ליו-ברי-קיי׳-שאן) דאס מאכען גליטשיג, דאס שמירען; דאס זיין גליטשיג, דאס זיין געשמירט [מיט אויל, למשל].

lu'bricator *n.* (ליו׳-ברי-קיי-טאר) א שמיער־אפאראט [פאר מאשינען־טיילען, רעדער פון מאשינען א. ז. וו.].

lubric'ity *n.* (לו-בריס׳-אי-טי) גלאט־קייט, גליטשיגקייט [דורך שמירונג אדער אוילונג]; אונבעשטענדיגקייט, פערגענג־ליכקייט; דאס אויסמיידען, דאס ארויס־דרעהען זיך [פון עפעס]; די פעהיגקייט צו דיענען אלס שמיער; צולאזענהייט, תאוה׳־דיגקייט.

lubrifac'tion *n.* (לו-ברי-פעק׳-שאן) דאס גלאט־מאכען; דאס גליטשיג־מאכען [דורך אויל, למשל].

lubrifac'tor *n.* (לו-ברי-פעק׳-טאר) א שמיער־אפאראט [צו אוילען מאשינען].

lubrifica'tion *n.* (לו-ברי-פי-קיי׳-שאן) ז. *lubrifaction*

lucarne' *n.* (ליו-קארן׳) א דאך־פענ־סטערל; א פענסטערל; א קליינע שייז.

luce *n.* (לוס) א העכט [אזא פיש].

lu'cency *n.* (ליו׳-סען-סי) דאס שיינען, העלקייט, גלאנץ.

lu'cent *a.* (ליו׳-סענט) לייכטענד, שיי־נענד, העל, גלענ־צענד.

Lucern

lucern' *n.* (לו-סירן׳) א לאמפ; לוצערן אדער אל־פאלפא [אזא שיי־טען־פלאנצע, אזא מין קלעע].

lucer'nal *a.* (לו-סיר׳-נעל) וואס איז שייך צו א לאמפ אדער בכלל צו קינסטליכער בע־לייכטונג.

lucerne' *n.* (לו-סירן׳) לוצערנע אדער אלפאלפא. ז. *lucern*

lu'cid *a.* (לו׳-סיד) שיינענד, לייכטענד; דורכזיכטיג; דייטליך, קלאר, פערשטענד־ליך; גייסטיג געזונד, מיט א קלארען פער־שטאנד; מיט א גלענצענדער דענקונגס־פעהיגקייט; גלאט, שיינענד, פאלירט, פאספאריש [וועגען אינזעקטען].

lu'cida *n.* (לו׳-סי-דא) א זיכטבארער שטערן; דער ליכטיגסטער שטערן אין א שטערן־גרופע.

lu'cid in'tervals (לו׳-סיד אינ׳-טער-וועלז) מאמענטען פון קלארען פערשטאנד [ביי א משוגע׳נעם].

lucid'ity *n.* (לו-סיד׳-אי-טי) לייכטונג; העלקייט; גלאנץ; דורכזיכטיגקייט; דייט־ליכקייט, קלארקייט; קלארקייט פון גע־דאנק אדער פערשטאנד.
As a speaker, President Wilson is noted for his **lucidity** of expression.

lu'cidly *adv.* (לו׳-סיד-לי) מיט העל־קייט, מיט גלאנץ, שיינענד; מיט דורכ־זיכטיגקייט; מיט קלארקייט, מיט דייט־ליכקייט.

lu'cidness *n.* (לו׳-סיד-נעס) ז. *lucidity*

Lu'cifer *n.* (לו׳-סי-פער) לוציפער, דער טייוועל, דער שטן; דער מארגענשטערן.

lu'cifer *n.* (לו׳-סי-פער) א שוועבעלע.

Lucife'rian *a.* (לו-סי-פי׳-רי-ען) טייוולישׁ; וואס איז שייך צו לוסיפער, דער בישאף פון קאגליארי [אין 4טען יאהרהונדערט], וועלכער האט מיט זיי־נע נאכפאלגער זיך אבגעטיילט פון דער ארטאדאקסישער קריסטליכער קירך, ווייל זי, לויט זיין מיינונג, איז ניט ארויס־געטראטען גענוג שטרענג געגען די אריא־נער [א דאמאלסדיגע אפיקורס׳ישע סעק־טע].

lucif'erous *a.* (לו-סיפ׳-ע-ראס) לייכ־טענד; שיינענד; בעלייכטענד; אויפקלע־רענד.

Lucif'erously *adv.* (לו-סיפ׳-ע-ראס-לי) ווי א טייוועל; אויף א טייוועלישען שטייגער.

lu'ciform *a.* (ליו׳-סי-פארם) ליכט־פערמיג; פון א לייכטענדער נאטור.

lu'cigen *n. and a.* (ליו׳-סי-דזשען) א לאמפ מיט א שטארקער ליכט־קראפט.

lucim'eter *n.* (ליו-סים׳-ע-טער) א פאטאמעטער, א ליכט־מעסטער [אן אינ־סטרומענט צו מעסטען די קראפט פון ליכט, הויפטזעכליך פון דער זונען־שיין].

luck *n.* (לאק) גליק; מזל; ערפאלג; א מזל׳דיגע זאך; א שטיקעל וואל ארומ־געוויקעלט ארום דעם שפינער׳ס פינגער.

luck'ily *adv.* (לאק׳-אי-לי) אויף א גליקליכען שטייגער; צום גליק; דורך א גליקליכען צופאל.

luck'iness *n.* (לאק׳-אי-נעס) מזל׳דיג־קייט, גליק, א גליקליכער צופאל, א גליק־ליכע ענדע.

luck'less *a.* (לאק׳-לעס) שלים־מזל׳דיג; אונגליקליך.

luck'lessly *adv.* (לאק׳-לעס-לי) צום אונגליק; אויף א שלים־מזל׳דיגען אופן.

luck'lessness *n.* (לאק׳-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין מזל; שלים־מזל׳דיגקייט.

luck'-pen'ny *n.* (לאק׳-פעני׳-אי) א מזל׳דיגע מטבע [א מטבע וואס מען גיט "אויף מזל" אין אירלאנד און שאטלאנד צו א קונה; א מטבע וואס מען ווארפט אוועק "אויף מזל" אדער א געפונענע מטבע וואס מען האלט "אויף מזל"].

luck'y *a.* (לאק׳-אי) גליקליך; מזל׳דיג, גינסטיג; געלונגען.

luck'y-hands *n.* (לאק׳-אי-הענדז) א מין פאפאראטניק [אזא פלאנצע] וועל־כער פלעגט בענוצט ווערען פון אבערגלוי־בענדע המון אלס א מיטעל געגען כשוף.

lu'crative *a.* (ליו׳-קרע-טיוו) איינ־טרעגליך; וואס ברייננט א גרויסען פרא־פיט אדער ריוח.
The importing business is a **lucrative** occupation.

lu'cratively *adv.* (ליו׳-קרע-טיוו-לי) מיט א גרויסען פראפיט אדער ריוח.

lu'cre *n.* (ליו׳-קער) ריוח, פראפיט, פערדיענסט; דער לוסט צו געלד; זשעד־נעקייט.

lucrif'erous *a.* (ליו-קריפ׳-ע-ראס) איינטרעגליך; וואס ברייננט פראפיט אדער ריוח.

lucrif'ic *a.* (ליו-קריפ׳-איק) ז. *lucriferous*

lu'crous *a.* (ליו׳-קראס) וואס איז שייך צו פראפיט אדער ריוח.

lucta'tion *n.* (לאק-טיי׳-שאן) די אנ־שטרענגונג בייצוקומען איינעם אין א גע־פעכט; א קאמפף, א שטרייט.

luc'tual *a.* (לאק׳-טשו-על) וואס רופט ארויס טרויער אדער קלאג.

luc'tuous *a.* (לאק׳-טשו-אס) ז. *luctual*

lu'cubrate *v.* (לו׳-קיו-ברייט) שטודי־רען פאר ליכט; ארבייטען נעכט; לער־נען מיט גרויס התמדה; טיעף ארייננטראכ־טען זיך; אויסארבייטען עפעס דורך דער נאכט פאר ליכט.

lucubra'tion *n.* (לו-קיו-ברי׳-שאן) דאס ארבייטען נעכט; דאס שטודירען פאר ליכט; דאס לערנען מיט התמדה; דאס טיעף ארייננטראכטען זיך; דער רעזול־טאט פון לערנען אדער דענקען; אן אנ־געשריבען ווערק.

lu'cubrator *n.* (לו׳-קיו-בריי-טאר) דער, וועלכער ארבייט נעכט אדער שטו־דירט מיט גרויס התמדה.

lu'cubratory *a.* (לו'-קיו-ברע-טא-רי) וואס איז פערפאסט געווארען דורך שווערער נאכט־ארבייט אדער גרויס התמדה.

lu'culent *a.* (ליו'-קיו-לענט) העל, קלאר; שיינענד; דייטליך, פערשטענדליך; אהן א טעות.

lu'culently *adv.* (ליו'-קיו-לענט-לי) אויף א העלען, קלארען אדער דייטליכען אופן.

lucul'lite *n.* (לו-קאל'-איט) דער לוקולאן אדער לומאכעל [א מין טייערער מארמאר, וועלכער ענטהאלט אין זיך פיעל שטיקלעך פון פערשטיינערטע מושלען און דיעזע מושלען גיבען איהם צו פערשיעדענארטיגע קאלירען].

Lud *int.* (לאד) גאט! מיין גאט! [אן אויסגעשריי].

Lud'dite *n. and a.* (לאד'-איט) א מיט־גליעדער פון א געהיימער ארבייטער־ארגאניזאציאן אין ענגלאנד, וועלכע האט עקזיסטירט פון די יאהרען 1811 ביז 1816 מיט דעם ציעל צו מאכען בונטען און פערניכטען די ניי־איינגעפיהרטע מאשינען; וואס איז שייך צו דיעזער ארגאניזאציאן.

lu'dicrous *a.* (ליו'-די-קראס) שפאס־האפט, קאמיש, לעכערליך.

lu'dicrously *adv.* (ליו'-די-קראס-לי) אויף א קאמישען, לעכערליכען אופן.

lu'dicrousness *n.* (ליו'-די-קראס-נעס) שפאסהאפטיגקייט, קאמישקייט, לעכערליכקייט.

luff *n. and v.* (לאף) דער רונדער און ברייטער טייל פון דער נאז פון א שיף; דער טייל פון שיף, וועלכער איז געריכטעט צו דער זייט פון ווינד; דער גאנג פון א שיף אין דער ריכטונג פון ווינד; דער טייל פון זעגעל וועלכער איז אנגעצויגען צו דער זייט פון ווינד; א לייטענאנט אויף א שיף; קירעווען די שיף אין דער ריכטונג פון ווינד.

lug *v. and n.* (לאג) שלעפען; צופען, רייסען; געבען א צופ אדער א ריס פאר'ן אויער; פלאגען, קוועלען; דאס שלעפען; דאס וואס ווערט געשלעפט; א משא; א פוילענצער; א ווארים, וועלכען מען טשעפעט אן אויף דער ווענטקע צו כאפען פיש; דער אויער; דאס אויערעל פון עפעס א זאך; א הענטעל פון א כלי אדער געצייג; אן אושאק אדער קאסאק וואס שטארצט ארויס פון וואנד; א סארט טאבאק.

lug'gage *n.* (לאג'-עדזש) עפעס וואס מען דארף טראגען אדער שלעפען; געפעק; באגאזש.

lug'gage-van *n.* (לאג'-עדזש-ווען) א באגאזש־וואגאן.

lug'ger *n.* (לאג'-ער) א ליוגער [א שיף מיט דריי מאסטען און לאנגע זעגלען].



Lugger

lug'-hooks *n.* (לאג'-הוקס) א פאר האַקענס אנגעטשעפעט אין מיטען פון א קורצער שטאנג צו טראגען קליינע משאות.

Lug-hooks

lug out (לאג אוט) ארויסציהען געלד.

lug'-sail *n.* (לאג'-סייל) א שיף־זעגעל וואס הענגט שרעג.

lugubrios'ity *n.* (לו-גיו-ברי-אס'-אי-טי) טרויער, קומער; קלעגליכקייט, טרויריגקייט.

lugu'brious *a.* (לו-גיו'-ברי-אס) טרויריג, קלעגליך; פול מיט צער אדער קומער.

lugu'briously *adv.* (לו-גיו'-ברי-אס-לי) קלאגענדיג, טרוירערנדיג.

lugu'briousness *n.* (לו-גיו'-ברי-אס-נעס) ז. *lugubriosity*.

lug'worm *n.* (לאג'-וואירם) א גרויסער ווארים, וואס גראבט זיך איין אין זאמד ביים ברעג ים. ווערט בענוצט צו כאפען פיש.

luke *a.* (ליוק) ווארעמליך, לעבליך.

luke'warm *a.* (ליוק'-וואהרם) ווארעמליך, לעבליך; ניט זעהר היציג; קאלט־בלוטיג, גלייכגילטיג.

luke'warmly *adv.* (ליוק'-וואהרם-לי) ווארעמליך, לעבליך; קאלטבלוטיג, גלייכגילטיג.

luke'warmness *n.* (ליוק'-וואהרם-נעס) לעבליכקייט; גלייכגילטיגקייט, קאלטבלוטיגקייט.

lull *v. and n.* (לאל) ליולען; איינוויגענען; איינשלעפערען; בערוהיגען; צערטלען; איינשטילען זיך, בערוהיגען זיך; בערוהיגונג, איינשטילונג.

lull'aby *n. and v.* (לאל'-ע-באי) א וויעג־ליעד [א ליעדעלע איינצושלעפערען א קינד]; איינשלעפערען מיט א וויעגליעד.

lull'er *n.* (לאל'-ער) דער וועלכער שלעפערט איין אדער וויעגט איין.

lull'ingly *adv.* (לאל'-אינג-לי) איינשלעפערענדיג, בערוהיגענדיג.

lum *n.* (לאם) א קוימען; א טהאל וואס איז בעוואקסען מיט וואלד.

lumachel'la *n.* (ליו-מע-קעל'-א) מושעל־מארמאר [דער מארמאר פון די פערקאלכטע אדער פערשטיינערטע מויערקעפ].

lumbag'inous *a.* (לאם-בעדזש'-אי-נאס) וואס האט א וועהטאג אין די לענדען אדער היפטען.

lumba'go *n.* (לאם-ביי'-גאו) א וועהטאג אין די לענדען אדער היפטען.

lum'bal *a.* (לאם'-בעל) ז. *lumbar*.

lum'bar *a.* (לאם'-באר) וואס איז נוגע צו די לענדען אדער היפטען.

lum'bar re'gion (לאם'-באר רי'-דזשאן) דאס ארט פון די לענדען אדער היפטען [אין קערפער פון א מענשען אדער חיה].

lum'ber *n. and v.* (לאם'-בער) געהילץ [ווי ברעטער, ברוסען א. ז. וו.]; אבגעווארפענע, אבגענוצטע זאכען; שמאטעס; פלאפלעריי, דברים בטלים; אנפילען מיט נוצלאזע זאכען; אנווארפען; אנלעגען; אנווארפען אין אונארדנונג; האנדלען מיט געהילץ; זיך שלעפען מיט מאטערניש; הארעווען; קומען נעהנטער מיט א גערויש.

lum'ber-car *n.* (לאם'-בער-קאר) א וואגאן צו פיהרען געהילץ.

lum'berer *n.* (לאם'-בער-ער) איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים האקען און ארויספיהרען געהילץ פון וואלד.

lum'bering *n. and a.* (לאם'-בער-אינג) דאס האקען און ארויספיהרען געהילץ פון וואלד; וואס שלעפט זיך מיט מאטערניש; וואס דערנעהנטערט זיך מיט א גערויש.

lum'ber-kiln *n.* (לאם'-בער-קיל) א טריקען־קאמער פאר געהילץ [א קאמער וואס ווערט נעהייצט צום טריקענען געזעגטע געהילץ].

lum'berly *a.* (לאם'-בער-לי) שלעפענדיג זיך; געהענדיג פארווערטס מיט שווערע טריט.

lum'berman *n.* (לאם'-בער-מען) א געהילץ־הענדלער; איינער וואס האקט און פיהרט ארויס געהילץ.

lum'ber-room *n.* (לאם'-בער-רוהם) א צימער פאר אלטע נוצלאזע זאכען.

lum'ber-wag'on *n.* (לאם'-בער-וועג'-אן) א גרויסער קאסטען־וואגען צו פיהרען משא; א גרויסער וואגען צו פיהרען געהילץ.

lum'ber-yard *n.* (לאם'-בער-יארד) א געהילץ־הויף, א געהילץ־לאגער.

lumbodyn'ia *n.* (לאם-בא-דינ'-אי-א) ז. *lumbago*.

lum'bric *n.* (לאם'-בריק) אן ערד־ווארם, א רעגען־ווארם.

lum'brical *a. and n.* (לאם'-ברי-קעל) וואס איז עהנליך צו א ווארם; ווארם־פערמיג; אין אנאטאמיע — דער ווארם־פערמיגער מוסקול [איינער פון די פיער קליינע מוסקולען אויף די פינגער פון דער האנד].

lumbric'iform *a.* (לאם-ברים'-אי-פארם) ווארם־פערמיג; עהנליך צו א ווארם.

lum'bus *n.* (לאם'-באס) אין אנאטאמיע — די לענד, דער טייל פון קערפער וואו עס געפינען זיך די לענדען.

lu'men *n.* (ליו'-מען) אן עפנונג אדער דורכגאנג אין א קערפער־גליעד; א חלל.

lum'-head *n.* (לאם'-העד) דער שפיץ אדער קאפ פון א קוימען.

lu'minarist *n.* (לו'-מי-נע-ריסט) אין מאלעריי — איינער וואס מאלט א בילד מיט ליכט און שאטענס; איינער וואס איז געשיקט אין לעגען ליכט און שאטענס אויף א בילד.

lu'minary *n.* (לו'-מי-נע-רי) א ליכט־געבער, א קערפער וואס גיט ארויס ליכט, ווי די זון, די שטערען א. ד. ג.; איינער וועלכער דיענט אלס קוואל פון גייסטיגער בעלייכטונג, א שטערען, א גדול.

luminif'erous *a.* (לו-מי-ניפ'-ע-ראס) וואס גיט ליכט, וואס ברייגנט ארויס ליכטיגקייט.

luminos'ity *n.* (לו-מי-נאס'-אי-טי) דאס זיין ליכטיג; דער גראד ליכטיגקייט אדער העלקייט פון א קאליר, וואס ווערט געמאסטען דורך געוויסע אינסטרומענטען; אין באטאניק — די פאספארעסצענץ, די איינגעזאפט פון געוויסע פלאנצען ארויסצולאזען פון זיך א פאספארישען שיין.
The lense of the telescope must be of exceptional luminosity.

lu'minous *a.* (לו'-מי-נאס) וואס גיט ארויס ליכטיגקייט; לייכטענד, ליכטיג, העל; גלענצענד; שיינענד.

lu'minously *adv.* (לו'-מי-נאס-לי) אויף א לייכטענדען שטייגער; גלענצענדיג; שיינענדיג.

lu'minousness *n.* (לו'-מי-נאס-נעס) ליכטיגקייט, העלקייט, קלארקייט.

lu'minous ray (לו'-מי-נאס ריי) א ליכט=שטראהל.

lum'mox *n.* (לאמ'-אקס) א ליימענער גולם, א דומער יונג.

lum'my *a.* (לאמ'-אי) געשיקט, כיטרע [אויף גנבים=שפראך].

lump *n. and v.* (לאמפ) א שטיק, א קלומפ; א געשוואולסט, א גוז, א גוליע; דער לומפ=פיש [ז. *lump-fish*]; א ליימענער גולם, א דומער יונג; צוזאמעננעהמען אין איין מאסע; צונויפנעהמען האק און פאק; נעהמען ווי עס געהט, ניט קלייבענדיג; ארבייטען אלס לאסט=טרעגער ביי שיפען.

lum'per *n.* (לאמ'-פער) א לאסט=טרעגער [אן אנלאדער און אויסלאדער] ביי א שיף.

lump'-fish *n.* (לאמפ'-פיש) דער לומפ=פיש אדער דער ים=האז [אזא ברייטער, קורצער און ווייכער ים=פיש].

Lump-fish

lum'piness *n.* (לאמ'-פי-נעס) דאס בעשטעהן פון שטוקער אדער קלומפען.

lum'ping *a.* (לאמ'-פינג) קלומפיג, פלומפ, גראב, דיק, שווער.

lump in the throat (לאמפ אין טהי טהראוט) פערשטיקט דעם האלז [ווי פון איינהאלטען זיך פון וויינען].

A lump was formed in the throat of the judge as he heard the tragic story of the prisoner.

lum'pish *a.* (לאמ'-פיש) פלומפ, גראב, דיק, שווער; אונגעלומפערט; דום, נאריש.

lum'pishly *adv.* (לאמ'-פיש-לי) אין קלומפען, אין שטיקער; אויף א פלומפען אדער אונגעלומפערטען אופן; שווער, גראב, דיק; מיט דומהייט.

lum'pishness *n.* (לאמ'-פיש-נעס) גראבקייט, דיקקייט, שווערקייט, אונגעלומפערטקייט; דומהייט.

lump'-suck'er *n.* (לאמפ'-סאק'-ער) ז. *lump-fish*.

lump'-sug'ar *n.* (לאמפ'-שוג'-אר) שטיק=צוקער [געהאקטער צוקער].

lump sum (לאמפ סאם) א סומע געלד וואס ווערט בעצאהלט מיט איין מאל.

The debt was paid in a lump sum.

lump work (לאמפ הוואירק) אן ארבייט וואס ווערט אונטערנומען צו מאכען אין גאנצען אין אלע איהרע טיילען.

lum'py *a.* (לאמ'-פי) וואס בעשטעהט פון שטיקער, פול מיט שטיקער; אונגעלומפערט, שווער: דום, נאריש.

Lu'na *n.* (לו'-נא) לונא [די געטין פון דער לבנה ביי די אלטע רוימער].

lu'na *n.* (לו'-נא) די לבנה; זילבער.

lu'na cor'nea (לו'-נא קאר'-ני-א) הארנזילבער אדער זילבער=כלאריד.

lu'nacy *n.* (לו'-ניי-סי) פעררי קטקייט, משוגעת.

lu'na-moth *n.* (לו'-נא-מאטה) אזא גרויסער, זעהר שעהנעם זומער=פויגעלע אין נארד=אמעריקא פון א העל=גרינעם קאליר מיט לילא אדער וויאלעט=פארביגע ראנדען.

lu'nar *a. and n.* (לו'-נאר) וואס איז שייך צו דער לבנה; ווי די לבנה; עהנליך צו דער לבנה; ווי א האלבע לבנה; וואס איז שייך צו זילבער; דער מרחק פון דער לבנה פון דער זון. ז. *lunar distance*.

lu'nar caus'tic (לו'-נאר קאהס'-טיק) דער העלען=שטיין [א כעמישע פעראייניגונג וואס בעשטעהט פון זאלפעטער=זויערען זילבער=אקסיד].

lu'nar cy'cle (לו'-נאר סאיקל) דער לבנה=ציקלוס [א משך פון 19 יאהר. דער צושטאנד פון דער זון איז אין ענד פון דעם ציקלוס דערזעלביגער ווי אין אנפאנג].

lu'nar dis'tance (לו'-נאר דיס'-טענס) דער מרחק פון דער לבנה פון דער זון, לויט וועלכען עס ווערט גערעכענט די געאגראפישע לענג אין וועלכער א שיף געפינט זיך אויף'ן ים.

luna'rian *n.* (לו-ניי'-רי-ען) א קענער אין דעם שטודיום פון דער לבנה; א בעוואהנער פון דער לבנה [לויט ווי מען האט אמאל געגלויבט]

lu'narist *n.* (לו'-נאר-איסט) א קענער אין דעם שטודיום פון דער לבנה.

lu'nar month (לו'-נאר מאנטה) דער לבנה=חדש [דער חדש, גערעכענט נאך דעם גאנג פון דער לבנה, ווי דער אידישער חדש].

lu'nar ta'bles (לו'-נאר טייבלז) טאבעלען אויף וועלכע עס איז אויסגערעכענט דער גאנג פון דער לבנה און לויט וועלכע מען קען אויסגעפינען דאס ארט פון דער לבנה צו יעדער צייט.

lu'nary *n.* (לו'-נא-רי) אזא פלאנצע וועגען וועלכער מען האט אמאל געגלויבט, אז זי האט די קראפט אראבצוציהען די פארקאוועס פון די פיס פון פערד.

lu'nar year (לו'-נאר ייהר) א לבנה=יאהר [א יאהר פון 354 טעג, ווי דאס אידישע יאהר].

lu'nate *a.* (לו'-נייט) האלב=לבנה=פערמיג, ווי א האלבע לבנה.

lu'nated *a.* (לו'-ניי-טער) ז. *lunate*.

lu'nately *adv.* (לו'-נייט-לי) אין דער פארם פון א האלבער לבנה.

lu'natic *a. and n.* (לו'-נעט-איק) פערריקט, משוגע, וואהנזיניג; א פערריקטער, א משוגענער.

lu'natic asy'lum (לו'-נעט-איק ע-סאי'-לאם) א משוגעים=הויז, אן אירען=אנשטאלט.

luna'tion *n.* (לו-ניי'-שאן) די אומדרעהונג פון דער לבנה ארום דער ערד.

lunch *n. and v.* (לאנטש) א צוביים, א נאכמיטאג=צוביים, א צווייטער אנבייסען; א צווייטער פריהשטיק, א קליינער מאהלצייט [צווישען די גרויסע]; צובייסען; עסען פריהשטיק.

lunch'-coun'ter *n.* (לאנטש'-קאונ'-טער) א הויכער עס=טיש אין א שענק, רעסטאראן א. ד. ג., וואו מען זיצט אויף הויכע שטוהלען ביים עסען אדער טרינקען.

lun'cheon *n. and v.* (לאנ'-טשאן) ז. *lunch*.

lune *n.* (לון) א האלבע לבנה; א געאמעטרישע פיגור אין דער פארם פון א האלבער לבנה; א גולם.

lunette' *n.* (לו-נעט') עטוואס וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה; אין בעפעסטיגונגס=ווערק — א בעפעסטיגונג וואס ענדיגט זיך מיט א שפיץ אויסגעשטעלט נעגען פיינד [ווערט געמאכט צו שיצען גאסען אדער בריקען]; א האלבע פערדישע פאדקאווע וואס האט נור דעם פראנט; א פערד=בריל [אן ארויסגעשטארצט שטיקעל לעדער פון דער צוים פון א פערד, וואס לאזט איהם ניט קוקען אין אלע זייטען]; אן עפנונג אדער פענסטערעל אין א דאך; א פלאכעס אוהר=גלאז; א קאנוועקס=קאנקאוועס ברילען=גלאז

lung *n.* (לאנג) א לונג.

lunge *n. and v.* (לאנדזש) א שטויס, א טרייסעל, א קלאפ; שטויסען; טרייסלען.

lunged *a.* (לאנגד) מיט לונגען, וואס האט לונגען.

lung'-grown *a.* (לאנג'-גראון) וואס האט צוגעוואקסענע לונגען.

lung'less *a.* (לאנג'-לעס) אהן לונגען.

lun'goor *n.* (לאנ'-גוהר) א מין אפע פון צפון=אינדיען מיט א ווייסער בארד.

lungs *n.* (לאנגז) די לונגען.



Lungs

lung'wort *n.* (לאנג'-הוואירט) לונגען=קרויט [אזא פלאנצע וועלכע מען האט אמאל בענוצט אלס מיטעל געגען לונגען=קראנקהייט].

lu'niform *a.* (לו'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון דער לבנה, וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

luniso'lar *a.* (לו-ני-סאו'-לער) וואס איז שייך צו דעם גאנג פון דער לבנה און פון דער זון צוזאמען.

lu'nistice *n.* (לו'-ניס-טיס) אין אסטראנאמיע — די צייטען ווען די לבנה איז אין ווייטסטען פונקט פון דער ערד אין צפון אדער דרום=זייט.

luniti'dal *a.* (לו-ני-טאי'-דעל) וואס איז שייך צו עבע און פלוט [שטייגען און אבפאלען פון וואסער אין ים] דורך דער צוציהונגס=קראפט פון דער לבנה.

lunk'head *n.* (לאנק'-העד) א ליימענער גולם, א גלאמפ.

lu'nula *n.* (לו'-ניו-לא) עטוואס וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה; א געאמעטרישע פיגור וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

lu'nular *a.* (לו'-ניו-לאר) וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

lu'nulate *a.* (לו'-ניו-לייט) ז. *lunular*.

lu'nule *n.* (לו'-ניול) ז. *lunula*.

Luperca'lia *n.* (לו-פער-קיי'-לי-א) דער אלט=רוימישער יעהרליכער יום טוב איז מאנאט פעברואר לכבוד דעם גאט לופערקוס.

lu'pine *a. and n.* (ליו'-פין) וועלפיש, ווי א וואלף; וואס איז שייך צו דער גרופע חיות צו וועלכער עס געהערט דער וואלף; די לופענע אדער וועלפישער באב [אזא פלאנצע וואס ווערט בענוצט צום פערבעסערן אן אונפרוכטבארען באדען צוליעב איהר איינגעשאפט אויפצונעהמען פיעל שטיק=שטאף פון דער לופט].

lu'puline *n. and a.* (ליו'-פיו-לין) לופולין, האפען=מעהל, דער ביטערער עקסטראקט פון האפען; וואס איז עהנליך צו א האפען=קעפעל.

Lu'pus *n.* (ליו'-פאס) א געוויסעס שטערען=בילד אין דער אלטער אסטראנאמיע וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס בילד פון א וואלף.

lu'pus *n.* (ליו'-פאס) א וואלף; א טובערקולאזער הויט=אויסשלאג, מייסטענס אויף דער נאז.

lurch *v. and n.* (לוירטש) לויערען, אבהיטען פון א בעהעלטעניש; בעשווינדלען, בעטריגען; זיך טרייסלען, זיך ווארפען אויף אלע זייטען [ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים]; וואקלען זיך, שאקלען זיך; א שאקעל, א טרייסעל, א שטויס; אן אבווייכונג אדער פערשיבונג פון ארט; אין קריבעדזש=שפיעל [אזא קארטען=שפיעל] — די לאגע פון א שפיעלער ווען זיין געגנער האט געוואונען אלע פונקטען [61] איידער ער האט געמאכט 30; דער צושטאנד פון אזא שפיעל; א דאפעל=שפיעל אין קריבעדזש; געווינען א דאפעל=שפיעל אין קריבעדזש.

lur'cher *n.* (לויר'-טשער) א לויערער; א לויער=הונד, א שפיר=הונד.

lur'dan *a. and n.* (לויר'-דען) דום, אונפעהיג; א דומער מענש, א ליימענער גולם.

lur'den *a. and n.* (לויר'-דען) ז. ***lurdan***

lure *n. and v.* (ליור) א צוציהונג; א פערנארונג; דאס ווערעמעל אדער פליגעלע וואס ווערט ארויפגעשטאכען אויף'ן האטשעק [אנגעל] אום צוצוציהען פיש; צוציהען; פערנארען.

The lure of the land forces me to become a farmer.

lu'rid *a.* (ליו'-ריד) בלייך; פערדונקעלט, פערצויגען ווי מיט א וואלקען אדער רויך; וואס האט א קאליר פון א רויכיגען פלאם; וואס האט א שמוציג=ברוינעם קאליר [וועגען געוויסע פלאנצען אדער חיות].

lurk *v.* (לוירק) לויערען: זיין בעהאלטען.

lur'ker *n.* (לויר'-קער) א לויערער, איינער וואס לויערט פון א בעהעלטעניש.

lur'king-place *n.* (לויר'-קינג-פליים) א לויערונגס=ארט, א בעהעלטעניש=ארט, אן ארט צום לויערען.

lur'king suspi'cion (לויר'-קינג סאס-פיש'-אן) א בעהאלטענער פערדאכט אין הארצען.

We all had a **lurking suspicion** that some day he would betray his comrades.

lus'cious *a.* (לאש'-אס) זעהר זים; פריקרע זים; געשמאק; אנגענעהם, רייצענד.

I bought a luscious pear.

lus'ciously *adv.* (לאש'-אס-לי) זעהר זים; מיט פריקרער זיסקייט; אויף א געשמאקען, אנגענעהמען אופן.

lus'ciousness *n.* (לאש'-אס-נעס) שטארקע זיסקייט; פריקרע זיסקייט.

lush *a., n. and v.* (לאש) זאפטיג; ביער, א פער'שכור'ענדע משקה; טרינקען, שכור'ען.

lush'y *a.* (לאש'-אי) שכור'לעך, בגלופינ'דיג.

lu'sory *a.* (ליו'-סא-רי) שפאסיג; שפיעליג; אמוזירענד.

lust *n. and v.* (לאסט) לוסט, תאוה; געשלעכטליכע תאוה; געלוסטען, האבען תאוה; בעגעהרען.

lust'-di'eted *a.* (לאסט'-דאי'-עט-עד) וואס לעבט לויט זיינע תאוות.

lus'ter *n. and v.* (לאס'-טער) א בעל=תאוה; א גלאנץ; דאס גלענצען; ליסטער [אזא גלאנציגער, דינער שטאף פון האלב וואל, האלב זייד]; א לוסטרע [א קרוין=לייכטער אדער וואנד=לייכטער]; א ריינינגונגס=אפפער וואס פלעגט געבראכט ווערען אין אלטען רוים פאר'ן פאלק אלע 5 יאהר; א משך פון 5 יאהר; מאכען א גלאנץ.

lus'tered *a.* (לאס'-טערד) וואס האט א גלאנץ.

lus'tering *n.* (לאס'-טער-אינג) דאס מאכען א גלאנץ אויף שטאף; א פוץ=מאטעריאל צו מאכען א גלאנץ.

lus'terless *a.* (לאס'-טער-לעס) אהן א גלאנץ.

lus'ter-ware *n.* (לאס'-טער-הוועהר) שטיין=גוט אדער פארצעלייי מיט א מעטאל=גלאנץ.

lust'ful *a.* (לאסט'-פול) תאוה'דיג, פול מיט תאוה.

lust'fully *adv.* (לאסט'-פול-אי) אויף א תאוה'דיגען אופן.

lust'fulness *n.* (לאסט'-פול-נעס) תאוה'דינקייט, דאס זיין פול מיט תאוה.

lus'tihood *n.* (לאס'-טי-הוד) לעבענס=קראפט; דאס זיין פול מיט לעבענס=קראפט.

lus'tily *adv.* (לאס'-טי-לי) קרעפטיג, שטארק, געזונד.

lus'tiness *n.* (לאס'-טי-נעס) קרעפטיגקייט; דאס זיין קרעפטיג, דאס זיין פול מיט לעבענסקראפט.

lus'tral *a.* (לאס'-טרעל) וואס ריינינגט, וואס הייליגט, וואס איז מטהר.

lus'trate *v.* (לאס'-טרייט) ריינינגען, הייליגען, מטהר זיין.

lustra'tion *n.* (לאס-טריי'-שאן) די ריינינגונג, די הייליגונג, דאס מטהר זיין [בעזאנדערס אלס רעליגיעזע צערעמאניע, ווי ברייננגען ריינינגונגס=קרבנות אדער בענוצען הייליגעס וואסער א. ד. ג.].

lus'tre *n. and v.* (לאס'-טער) א לוסטרע [א קרוין=לייכטער אדער וואנד=לייכטער]; ליסטער [אזא גלאנציגער שטאף פון האלב וואל האלב זייד]; א ריינינגונגס=אפפער וואס פלעגט געבראכט ווערען אין אלטען רוים פאר'ן פאלק אלע 5 יאהר; א משך פון 5 יאהר; מאכען א גלאנץ.

lus'treless *a.* (לאס'-טער-לעס) ז. ***lusterless***

lus'trical *a.* (לאס'-טרי-קעל) ריינינגענד, מטהר זייענדיג; וואס איז שייך צו דער ריינינגונג דורך א קרבן [אין אלטען רוים].

lus'trine *n.* (לאס'-טרין) ז. ***lustring***

lus'tring *n.* (לאס'-טרינג) לוסטרין [אזא גלאנציגער זיידען אדער וואלען=שטאף].

lus'trous *a.* (לאס'-טראס) גלענצענד, שטראהלענד, שיינענד.

lus'trously *adv.* (לאס'-טראס-לי) אויף א גלענצענדען אופן; מיט גלאנץ.

lus'trum *n.* (לאס'-טראם) א ריינינגונג [בעזאנדערס די צערעמאניעלע ריינינגונג פון רוימישען פאלק אין אלטען רוים יעדע 5 יאהר]; א פעריאדע פון 5 יאהר.

lust'-wear'ied *a.* (לאסט'-הוויער'-איד) מיעד פון לוסטיגען און תאוה'דיגען לעבען.

lust'wort *n.* (לאסט'-הוואירט) דער זונענטוי [אזא פלאנצע וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען].

lus'ty *a.* (לאס'-טי) קרעפטיג, שטארק, געזונד, לעבענספול, פריש, זאפטיג, לעבענסלוסטיג; רייצענד, שעהן, אנציהענד; גרויס, דיק; בעלייבט.

lu'sus natu'ræ (ליו'-סאס נע-טיו'-ריע) א נאטור=פערזעהעניש; א נאטור=שפיעל [אן אונגארמאלע נאטור=בעשעפעניש].

lu'tanist *n.* (ליו'-טע-ניסט) איינער וואס שפיעלט אויף א לאוטע אדער לוטנע.

ז. ***lute***

luta'rious *a.* (לו-טיי'-רי-אס) וואס לעבט אין בלאטע; בלאטיג, ווי בלאטע; וואס האט א בלאטיגען קאליר.

luta'tion *n.* (לו-טיי'-שאן) דאס פערקיטען, דאס פערשמיערען מיט קיט.


Lute

lute *n. and v.* (לוט) א זארט קיט וואס ווערט בענוצט פאר גלאז, פארצעלייי א. ד. ג.; א לאוטע אדער לוטנע [אזא מיטעל=אלטערליכער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וואס איז עהנליך צו א באלאלאיקע]; שפיעלען אויף א לאוטע; פערשמיערען אדער פערקלעפען מיט קיט.

lute'olous *a.* (לו-טי'-א-לאס) געלבליך.

lu'teous *a.* (לו'-טי-אס) גאלד=געלב, רויטליך געלב; ווי ליים, קליי אדער קיט.

lutes'cent *a.* (לו-טעס'-ענט) געלבליך.

lute'string *n.* (לוט'-סטרינג) א סטרונע פון א לאוטע אדער לוטנע [ז. *lute*]; לוסטרין [אזא גלאנציגער זיידען=שטאף].

Lu'theran *a. and n.* (ליו'-טהער-ען) לוטהעראניש, וואס איז שייך צו די לוטהעראנער; וואס געהערט צו דער לעהרע פון דעם דייטשען רעליגיאנס=רעפארמאטאר מארטין לוטהער [געבארען אין יאהר 1483, געשטארבען אין 1546], וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען דער הערשאפט פון רוימישען פאפסט און געגען פיעלע דאגמען פון דער רוימיש=קאטוילישער קירך; א לוטהעראנער, איינער וואס געהט נאך לוטהער'ס לעהרע.

Lu'theranism *n.* (ליו'-טהער-ען-איזם) לוטהעראניזם, די לעהרע פון מארטין לוטהער.

lu'thern *n.* (לו'-טהערן) א דאך=פענסטער.

lu'ting *n.* (ליו'-טינג) קיט, א פערשמיער=מיטעל.

lu'tist *n.* (ליו'-טיסט) ז. ***lutanist***

lu'tose *a.* (ליו'-טאוס) בלאטיג, שמוציג, שטויביג.

lux *n.* (לאקס) עלעגאנץ, פראכט, עקסטרא=פיינע קוואליטעט; ליכט.

lux'ate *v.* (לאק'-סייט) אויסלינקען [א גליעדר].

luxa'tion *n.* (לאק-סיי'-שאן) דאס

אויסלינקען [פון א גליעד]; די אויסלינקונג; דאס זיין אויסגעלינקט.

luxu'riance *n.* (לאג-זשו'-רי-ענס) שפע, איבערפלוס; א שטארקער גרויסער וואוקס; א זעהר גרויסע צאהל.

luxu'riancy *n.* (לאג-זשו'-רי-ען-סי) ז. ***luxuriance***

luxu'riant *a.* (לאג-זשו'-רי-ענט) וואס וואקסט אין איבערפלוס; זעהר פיעל, זעהר גרויס און שטארק אין וואוקס; זעהר גרויס אין צאהל.

luxu'riantly *adv.* (לאג-זשו'-רי-ענט-לי) אין גרויס איבערפלוס; מיט א גרויסען, שטארקען וואוקס; זעהר פיעל; בשפע.

luxu'riate *v.* (לאג-זשו'-רי-אייט) זיך גרויס און שטארק פאנאנדערוואקסען; וואקסען אין איבערפלוס; פיטערען זיך אין רייכע פעלדער; הולטאיעווען אויף'ן גרויסען שטייגער.

luxuria'tion *n.* (לאג-זשו-רי-איי'-שאן) דאס וואקסען אין איבערפלוס, בשפע; דאס לעבען אויף'ן גרויסען שטייגער.

luxu'rious *a.* (לאג-זשו'-רי-אס) זעהר רייך, פערשווענדעריש; וואס לעבט אין לוקסוס.

luxu'riously *adv.* (לאג-זשו'-רי-אס-לי) אין לוקסוס; פערשווענדעריש רייך.

luxu'riousness *n.* (לאג-זשו'-רי-אס-נעס) לוקסוס; פערשווענדערישע רייכקייט; דאס פערשווענדערישע רייכע לעבען.

lux'ury *n.* (לאק'-שו-רי) לוקסוס; פערשווענדערישע רייכקייט; דאס פערשווענדערישע רייכע לעבען.

lycan'thrope *n.* (לאי-קען'-טהראופ) אין די פאלקס-אבערגלויבונגען — א מענש וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א וואלף; איינער וואס ליידעט פון ליקאנטראפיע [אזא משוגעת, ווען דער מענש דענקט אז ער איז א וואלף].

lycanthro'pia *n.* (לאי-קען-טהראו'-פי-א) ז. ***lycanthropy***

lycanthrop'ic *a.* (לאי-קען-טהראפ'-איק) וואס איז שייך צו ליקאנטראפיע אדער צו דער כלומר'שדיגער מעגליכקייט פון א מענשען צו פערוואנדלען זיך אין א וואלף.

lycan'thropist *n.* (לאי-קען'-טהרא-פיסט) ז. ***lycanthrope***

lycan'thropy *n.* (לאי-קען'-טהרא-פי) די אבערגלויבישע פארשטעלונג, אז איינער קען האבען די מאכט צו פערוואנדלען זיך אין א וואלף; דאס גלויבען אז עס קענען זיין מענשען וואס פערוואנדלען זיך אין וועלף; ליקאנטראפיע, א גייסטיגע קראנקהייט, ווען דער מענש שטעלט זיך פאר, אז ער איז א וואלף.

lyce'um *n.* (לאי-סי'-אם) א ליצעאום, אן אקאדעמיע, א לעהר-אנשטאלט, א שטודיר-ארט, אן ארט וואו מען גיט לעקציעס.

Lyce'um *n.* (לאי-סי'-אם) אין אלטערטום — דער ליצעאום [אן ארט נעבען דער אלט-גריכישער שטאדט אטהען מיט וועלדלעך און א גימנאזיום, וואו דער פילאזאף אריסטאטעל האט געלערענט זיינע תלמידים]; די פעריפאטעטישע פילאזאפישע שולע [די לעהרען פון אריסטאטעל'ס תלמידים און נאכפאלגער].

Lych'nis *n.* (ליק'-ניס) ליכט-נעגעלעך [א מין גראזען מיט געלבע בליטהען און פעדער-פערמיגע בלעטלעך. ווערען גענוצט אין מעדיצין].

lych'nis *n.* (ליק'-ניס) א רובין אדער סאפיר [א מין רויטער אדער בלויער עדעלשטיין].

Lyc'ium *n.* (ליס'-אי-אם) דער באקס-דארן [א מין שטעכיגע קוסטעס מיט קליינע בלעטעלעך, ווייסע אדער רויטע בלומען און מיט רויטע יאגדעס. געפינען זיך אין די הייסע און ווארימע לענדער].

Lycoper'don *n.* (לאי-קא-פויר'-דאן) דער באוויסט [א מין שוועמעלעך, וואס האבען די פארם פון א קאלפאק, און ווען זיי עפענען זיך, שיט זיך אויס א מין שווארצער אדער ברוינער פולווער].

Lycopo'dium *n.* (לאי-קא-פאו'-די-אם) בערלאפ אדער ליקאפאדיום [א מין מאך-ארטיגע גראזען, ביי וועלכע די שטענגלעך ציהען זיך איבער דער ערד, איבער א וואנד אדער איבער דעם שטאם פון א בוים. די ספארען פון דיעזע גראזען ווערען געברויכט אין מעדיצין].


Lycopodium

lycopo'dium pow'der (לאי-קא-פאו'-די-אם פאו'-דער) העקסען-מעהל [א זעהר דינער געלבליכער פולווער, וואס בעקומט זיך פון די ספארען פון בערלאפ אדער ליקאפאדיום-פלאנצען. דער פולווער פלאקערט אויף זעהר לייכט מיט זעהר א העלער שיין און ווערט בענוצט אין פייערווערק. ווערט אויך בענוצט אין מעדיצין און פון אפטייקערס אלס דאס מעהל אין וועלכען מען האלט פילען]. ז. ***Lycopodium***

lydd'ite *n.* (ליד'-אית) לידיט [א מין שטארקער אויפרייסענדער שטאף].

lye *n.* (לאי) לויג, די פליסיגקייט וואס בעקומט זיך פון דורכזייערען ווארים וואסער דורך אש אדער דורך אן אנדער זאך, וואס ענטהאלט אין זיך לויג-שטאף אדער אלקאלי.

ly'ing *a. and n.* (לאי'-אינג) ליגענהאפט, פאלש; ליגען, דאס ליגען-זאגען; שקר, פאלשקייט; ליעגענד, וואס ליעגט, וואס איז אויסגעצויגען.

ly'ing-down' *n.* (לאי'-אינג-דאון') דאס ליעגען אין קינפעט.

ly'ing-in *n. and a.* (לאי'-אינג-אין) דאס ליעגען אין קינפעט; קינפעט; וואס איז שייך צו קינפעט; וואס ליעגט אין קינפעט.

ly'ing-in hos'pital (לאי'-אינג-אין האס'-פי-טעל) א האספיטאל פאר קינפעטארינס.

ly'ing-in physi'cian (לאי'-אינג-אין פי-זיש'-ען) אן אקושער.

ly'ing-in wom'an (לאי'-אינג-אין הוואומ'-ען) א קינפעטארין.

ly'ingly *adv.* (לאי'-אינג-לי) ליגענהאפט; לויט ליגען. א ווערטערין [ביי א קינפעטארין]. זאגענדיג ליגען.

lymph *n.* (לימף) די לימפע אדער בלוט-וואסער [א וואסער-ארטיגע פליסיגקייט מיט א מילך-קאליר, וואס פליסט אין די דינסטע לימפאטישע אדערען פון קערפער].

lym'phate *a.* (לימ'-פייט) משוגע, אויפגערייצט, וויטהענד.

lym'phated *a.* (לימ'-פיי-טעד) ז. ***lymphate***

lymphat'ic *a. and n.* (לימ-פעט'-איק) לימפאטיש, בלוט-וואסעריג, וואס געהערט צו דער לימפע אדער בלוט-וואסער; פלעגמאטיש, לאנגזאם אין בעוועגונג; מיט ווענעג לעבען; די לימף-געפעס אין קערפער. ז. ***lymph***

lymphat'ic duct (לימ-פעט'-איק דאקט) די לימף-געפעס אין קערפער [די געפעסען אדער אדערען, וועלכע דיענען אלס פיהרער פון בלוט, לימף און אנדערע פליסיגקייטען אין קערפער].

lymphat'ic gan'glion (לימ-פעט'-איק גענ'-גלי-אן) ז. ***lymphatic gland***

lymphat'ic gland (לימ-פעט'-איק גלענד) די לימף-דריזע [דער ארגאן אין קערפער, וואו עס קלייבט זיך אן לימף אדער וואסער-בלוט און פון דארטען פליסט עס איבער די לימף-געפעס].

lymphat'ic sys'tem (לימ-פעט'-איק סיס'-טעם) די לימף-סיסטעם [די גאנצע סיסטעם פון די לימף-געפעס און לימף-דריזען אין קערפער].

lymphat'ic tem'perament (לימ-פעט'-איק טעמ'-פער-ע-מענט) א פלעגמאטישער טעמפעראמענט [א טעמפעראמענט פון א קאלטען, גלייכגילטיגען מענשען].

lymphat'ic ves'sel (לימ-פעט'-איק וועס'-על) ז. ***lymphatic duct***

lymph'-duct *n.* (לימפ'-דאקט) ז. ***lymphatic duct***

lymphog'raphy *n.* (לימ-פאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון לימפע אדער בלוט-וואסער, איהר פליסונג איבער די לימף-געפעס און איהר בעדייטונג פאר'ן ארגאניזם.

lymph'-ves'sel *n.* (לימפ'-וועס'-על) ז. ***lymphatic duct***

lym'phy *a.* (לימ'-פי) לימפארטיג, עהנליך צו בלוט-וואסער. ז. ***lymph***

lynch *v.* (לינטש) לינטשען, פעראורטיילען און היגריכטען אהן א געריכט.

lynch'-law *n.* (לינטש'-לאה) דאס לינטשען; די פעראורטיילונג און היגריכטונג אהן א געריכט; די בעשטראפונג מיט'ן טויט אהן געריכט.

lynx *n.* (לינקס) דער לוקס [א מין גרויסע ווילדע קאץ מיט באקענבארדען און מיט א קורצען דיקען עק. צייכענט זיך אויס מיט איהר פלינקקייט און שארפזיכטיגקייט].

Lynx

lynx'-eyed *a.* (לינקס'-איד) וואס האט א שארפע ראיה; זעהר שארפזיכטיג.

lyonnaise' *a.* (לי-א-נייז') געקאכט אדער געבראטען מיט ציבעלעס און פערשיעדענע געווירצען.

Ly'ra *n.* (לאי'-רא) די לירע [א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען אין דער נארדליכער העמיספער אדער האלב-קוגעל].

ly'ra *n.* (לאי'-רא) אין אנאטאמיע — געוויסע שטריכען אויף דעם הינטערטייל פון מארך אין דער פארם פון א לירע; אין זאאלאגיע — א מין פיש, ביי וועלכען דער רוקען איז בעדעקט מיט אכט ציילען ביי-

נינע פלאטען. געפינט זיך אין די אייראָ-פעאישע ימים].

ly'rate *a.* (לאי'-רייט) עהנליך צו א לירע; וואס האט די פארם פון א לירע.

ly'rated *a.* (לאי'-ריי-טעד) ז. *lyrate*

lyre *n.* (לאיר) א לירע [א מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, וואס איז געווען פיעל געברויכט אין אלטערטום. די פאעטען פון גריכענלאנד פלעגען דע-קלאמירען זייערע געדיכטע אונטער דעם אקאמפאנימענט פון א לירע, און דעריבער איז די לירע געווארען די עמבלעם פון פאעזיע].



Lyres

lyre'-bird *n.* (לאיר'-בוירד) דער לירע-פויגעל, א מין אויסטראלישער פויגעל, גרויס ווי א הוהן, מיט אן עק אין דער פארם פון א לירע.

Lyre-bird

lyre'-pheas'ant *n.* (לאיר'-פעז'-ענט) ז. *lyre-bird*

lyre'tail *n.* (לאיר'-טייל) ז. *lyre-bird*

lyr'ic *a. and n.* (ליר'-איק) וואס איז שייך צו דער לירע; וואס איז פער-פאסט צו זינגען מיט אן אקאמפאנימענט; ליריש, ליעדעריש; א ליריש געדיכט. ז. *lyre*

lyr'ical *a.* (ליר'-אי-קעל) ליריש. ז. *lyric*

lyr'ically *adv.* (ליר'-אי-קעל-אי) אויף א לירישען שטייגער; מעשה ליריקער.

lyr'icism *n.* (ליר'-אי-סיזם) די ליריק, לירישע דיכטונג.

lyr'ic po'etry (ליר'-איק פאו'-עט-רי) לירישע פאעזיע [אזא ארט פאעטישע דיכטונג, וואו דער פאעט שילדערט זיינע אייגענע איבערלעבונגען, געפיהלען און ליידענשאפטען. אין געגענזאץ צו עפישער און דראמאטישער פאעזיע].

lyr'ist *n.* (לאיר'-איסט) איינער וואס שפיעלט אויף א לירע; א לירישער דיכ-טער.

lysim'eter *n.* (לאי-סימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די מאסע פון רעגען-וואסער, וואס ווערט איינגעזאפט אין בארען אויף א געוויסער טיעף.

ly'sis *n.* (לאי'-סיס) אין מעדיצין — דאס לאנגזאמע אויפהערען פון א קראנקהייט [אין געגענזאץ צו א "קריזיס", וואו די קראנקהייט ווערט איבערגעהאקט מיט אמאל].

lys'sa *n.* (ליס'-א) די משוגעת פון א הונד; הידראפאביע. ז. *hydrophobia*

lyte'rian *a.* (לאי-טי'-רי-ען) אין מעדי-צין — ליטעריש, וואס ווייזט, אז די קראנקהייט ענדיגט זיך.

M

M, m (עם) דער דרייצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

M' אבקירצונג פון *Mac.*

M. A. ראשי תבות פון די ווערטער *Master of Arts* [מאגיסטער פון די פרייע קינסטע, אן אקאדעמישער טיטול].

ma *n.* (מא) מאמע, מוטער.

ma'am *n.* (מעם) פאראיינפאכונג פון *madam* [מאדאם].

ma'am'-school *n.* (מעמ'-סקוהל) א שוהל געפיהרט פון א פרוי.

ma'amselle' *n.* (מאם-זעל') פרייליין [די ענגלישע פארם פון דעם פראנצויזי-שעןווארט *mademoiselle*].

Mab *n.* (מעב) א פעען-קעניגין.

mab *n. and v.* (מעב) אן אבגעלאזענער, א שלומפער; געהן אבגעלאזען; געהן מעשה שלומפער.

mab'by *n.* (מעב'-אי) א מין קארטאפעל-שנאפס.

Mac. (מעק) א צוזאץ צו שאטלענדישע און אירלענדישע נעמען פון פערזאנען [בעדייטעט זוהן].

maca'co *n.* (מע-קיי'-קאו) א לעמור [ז. *Lemur*]; א מין מאלפע [ז. *macaque*].

macad'am *n.* (מעק-עד'-עם) ברוק, שאסעע; ברוק-שטיינער, שאסעע-שטיינער, צושלאגענע שטיינער [נאך דעם נאמען פון דעם שאטלענדישען אינזשינער מעק-אדאם].

macadamisa'tion *n.* (מעק-עד-עמ-אי-זיי'-שאן) ז. *macadamization*

macad'amise *v.* (מעק-עד'-עמ-איז) ז. *macadamize*

macad'amiser *n.* (מעק-עד'-עמ-אי-זער) ז. *macadamizer*

macadamiza'tion *n.* (מעק-עד-עמ-אי-זיי'-שאן) דאס ברוקירען מיט קליינע שטיינדלעך.

macad'amize *v.* (מעק-עד'-עמ-איז) ברוקירען מיט קליינע שטיינדלעך [נאך דער מעטאדע פון דעם שאטלענדישען אינזשינער מעק-אדאם].

macad'amizer *n.* (מעק-עד'-עמ-אי-זער) א ברוקירער. ז. *macadamize*

maca'o *n.* (מע-קא'-א) ז. *macaw*

macaque' *n.* (מע-קעק') א מין מאלפע.

mac'arism *n.* (מעק'-ע-ריזם) א גליק-זעליגקייט, א גליקזעליגקייטס-ברכה. ז. *beatitude*

mac'arize *v.* (מעק'-ע-ראיז) בענשען, ווינשען גליק, גראטולירען.

macaro'ni *n. and a.* (מעק-ע-ראו'-ני) מאקאראנען [לאקשען]; עטוואס וואסווארפט זיך שטארק אין די אויגען; א פראנט; א מין פינגווין [אזא פויגעל]; אין צייט פון בירגער-קריעג אין די פער-איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן ארמעע-אבטיילונג אין שטאאט מערילענד, וואס האט געטראגען א זעהר שעהנעם אוי-ניפארם; פראנטיש.

macaro'nian *a. and n.* (מעק-ע-ראו'-ני-ען) ז. *macaronic*

macaron'ic *a. and n.* (מעק-ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך צו מאקאראנען, גע-מאכט פון מאקאראנען; מאקאראניש [ווענען א שפאסיגען געדיכט, וואו עס ווערען געברויכט אין א ווילדען מישמאש פרעמדע ווערטער און פארמען]; א מא-קאראנישעס געדיכט; א מישמאש.

macaroon' *n.* (מעק-ע-רוהן') מאקארא-נע, מאנדעל-געבעקס.

Macart'ney cock (מע-קארט'-ני קאק) דער פייער-פאזאן פון די מאלאאישע אינזלען [א גרויסער פויגעל מיט א בלוי-רויטליכער הויט פון ביידע זייטען פון קאפ און מיט א קאם אדער קריינדעל פון הויך-שטארצענדע פעדערען].

Macartney Cock

Macart'ney pheas'ant (מע-קארט'-ני פעז'-ענט) דער פייער-פאזאן פון די מאלאאישע אינזלען. ז. *Macartney cock*

Macas'sar *a. and n.* (מע-קעס'-ער) וואס איז שייך צום דיסטריקט מאקאסאר [אויף דעם אינזעל סעלעבעס]; מאקא-סאר-אויל [אזא האר-אויל].

Macas'sar oil (מע-קעס'-ער איל) מא-קאסאר-אויל. ז. *Macassar*

macaw' *n.* (מע-קאה') די ארא אדער דער אמעריקאנישער פאפוגאי [א גרוי-סער פאפוגאי מיט א לאנגען עק, האלט

זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

Macaw

macaw'-palm *n.* (מע-קאה'-פאהם) ז. ***macaw-tree***

macaw'-tree *n.* (מע-קאה'-טריע) די מאקאזובא=פאלמע [אזא זיד=אמעריקאנישע פאלמע].

Maccabe'an *a.* (מעק-ע-בי'-ען) וואס איז שייך צו די מאקאבעער אדער חשמונאים; מאקאבעאיש.

Mac'cabees *n.* (מעק'-ע-ביעז) די ספרי החשמונאים.

maccaro'ni *n. and a.* (מעק-ע-ראו'-ני) ז. ***macaroni***

Macchiavel'lian *a. and n.* (מעק-אי-ע-וועל'-אי-ען) ז. ***Machiavellian***

mac'coboy *n.* (מעק'-א-באי) מאקובא [אזא שמעק=טאבאק].

mac'couba *n.* (מעק'-או-בא) ז. ***maccoboy***

mace *n. and v.* (מיים) א דובינע, א בולאווע; א שטאב; א סצעפטער, א הערשער=שטאק; אזא ביליארד=שטעקען; מוסקאטען=געווירץ [פון דער זוימען=שאלעכץ פון מוסקאט=נים].

Mace

mace'-ale *n.* (מיים'-אייל) געווירצטעס ביער [הויפטזעכליך מיט מוסקאט=געווירץ].

mace'-bear'er *n.* (מיים'-בעהר'-ער) דער סצעפטער=טרעגער, דער טרעגער פון הערשער=רוט, א בולאווע=טרעגער.

ma'cer *n.* (מיי'-סער) א סצעפטער=טרעגער, א בולאווע=טרעגער; א געריכטס=בעאמטער אין שאטלאנד [וואס רופט אויס נעמען, האלט ארדנונג, מאכט ארעסטען א. ז. וו.].

mac'erate *v.* (מעס'-ע-רייט) ווייך מאכען דורך ווייקען; אויסווייקען; אבשוואכען; אבמאגערען.

macera'tion *n.* (מעס-ע-ריי'-שאן) דאס ווייך מאכען דורך ווייקען; אויסווייקונג; אבשוואכונג; אבמאגערונג.

mac'erator *n.* (מעס'-ע-ריי-טאר) א כלי צום ווייקען עפעס.

mace'-reed *n.* (מיים'-ריעד) די וואסער=קאלבע [אזא פלאנצע]. ז. ***reed-mace***

mache'te *n.* (מע-טשיי'-טיי) אזא לאנג שפאניש מעסער.

machette' *n.* (מע-טשיי-טיי') ז. ***machete***

Machiavel'lian *a. and n.* (מעק-אי-ע-וועל'-אי-ען) וואס איז שייך צום איטאליענישען שטאאטסמאן מאקיאוועלי און זיינע פאליטישע פרינציפען; מאקיאוועליש; ביטרע, פאליטיש אונעהרליך; אן אנהענגער פון מאקיאוועלי'ס פרינציפען אין פאליטיק; א ביטרער, אונעהרליכער פאליטיקער. ז. ***Machiavellianism***

Machiavel'lianism *n.* (מעק-אי-ע-וועל'-אי-ען-איזם) מאקיאוועליזם, די פאליטישע פרינציפען פון דעם איטאליענישען שטאאטסמאן מאקיאוועלי [געבארען 1469, געשטארבען 1527], וועלכער האט געהאלטען, אז אלע אונעהרליכע מיטלען זיינען ערלויבט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אנהאלטען די מאכט פון דעם הערשער איבער זיינע אונטערטהאנען; פאליטישע ביטרעקייט, פאליטישע אונעהרליכקייט.

Machiavel'lic *a.* (מעק-אי-ע-וועל'-איק) מאקיאוועליש. ז. ***Machiavellianism***

Machiavel'lism *n.* (מעק-אי-ע-וועל'-איזם) ז. ***Machiavellianism***

machicola'tion *n.* (מע-טשיק-א-ליי'-שאן) אן עפנונג אין די פארצייטיגע פעסטונגען, דורך וועלכער מען פלעגט שיסען אויף'ן שונא אדער איהם בעגיסען מיט זודיגע שטאפען; פערטיידיגונג דורך אזא עפנונג.

mach'inal *a.* (מעק'-אי-נעל) וואס איז שייך צו מאשינען; מאשינמעסיג.

mach'inate *v.* (מעק'-אי-נייט) פראיעקטירען, פלאנעווען; פלאנעווען שלעכטס, מאכען א פערשווערונג.

machina'tion *n.* (מעק-אי-ניי'-שאן) א מאכינאציע, דאס מאכען מאכינאציעס, פראיעקטירען אדער פלאנעווען הינטען ארום; א פערשווערונג.

mach'inator *n.* (מעק'-אי-ניי-טאר) א פראיעקטען=מאכער, א פלאנען=מאכער; א פערשווערער.

machine' *n. and v.* (מע-שין') א מאשין; א מעכאניזם; א פייער=לעש=מאשין; א וואגען, א וועלאסיפעד, אן אויטאמאביל; א פארריכטונג צו שאפען פערשיעדענע ביהנע=עפעקטען [אין דעם פארצייטיגען גריכישען און רוימישען טעאטער]; א פאסירונג [הויפטזעכליך אן איבערנאטירליכע] אין א ליטעראַרישען ווערק; אן ארבייטס=סיסטעם פון אן ארגאניזאציאן; א פאליטישע מאשין [א שטרענגע ארגאניזאציאן פון פארטיי=מיטגליעדער, וואס ערמעגליכט די פיהרער דורך אויסטיילען עמטער און אנדערע עהנליכע מיטלען צו האבען די פאלשטענדיגע קאנטראל איבער דער פארטיי; די פארטיי=קליקע, וואס האלט אויף אזא אופן די פארטיי אין איהרע הענד]; אן אויטאמאט; געברויכען מאשינעריע; מאכען מיט דער הילף פון א מאשין; ארבייטען אויף א מאשין אדער ביי א מאשין; דיענען אלס פאסירונג אין א דראמא; געברויכען איבערנאטירליכע פאסירונגען אין א ליטעראַרישען ווערק.

machine'-gun *n.* (מע-שינ'-גאן) א מאשין=געוועהר [א הארמאט וואס שיסט אונאויפהערליך מיט דער הילף פון א ספעציעלען מעכאניזם].

machine'-made *a.* (מע-שינ'-מייד) מאשינאווע, געמאכט מיט א מאשין.

machine'-man *n.* (מע-שינ'-מען) אן ארבייטער ביי א דרוק=מאשין.

machine' man (מע-שין' מען) איינער וואס בעלאנגט צו א פאליטישער מאשין; א בלינדער אנהענגער פון א פאליטישער מאשין. ז. ***machine***

machine'-ru'ler *n.* (מע-שינ'-רוה'-לער) א מאשין צו ליניִרען [ווירען] פאפיער; א מאשין צו מאכען די איינטיילונגען אויף וואג=שאלען.

machi'nery *n.* (מע-שי'-נע-רי) מאשינעריע; מאשינען [קאלעקטיוו]; א קאמפליצירטע ארבייטס=סיסטעם [פון א רעגיערונג, געזעלשאפט א. ז. וו.]; פאסירונגען [הויפטזעכליך איבערנאטירליכע] אין ליטעראַרישע ווערק.

machine'-shop *n.* (מע-שינ'-שאפ) א מאשינען=פאבריק [וואו מען מאכט מאשינען אדער טיילען פון מאשינען].

machine'-tool *n.* (מע-שינ'-טוהל) מאשין=געצייג [א מאשין וואס האט פערנומען דעם פלאץ פון א האנד=געצייג].

machine'-work *n.* (מע-שינ'-הוואירק) מאשין=ארבייט; פראדוקטען פון מאשין=ארבייט.

machi'nist *n.* (מע-שי'-ניסט) א מאשיניסט, איינער וואס מאכט מאשינען.

machiniza'tion *n.* (מע-שי-ני-זיי'-שאן) דאס אויסארבייטען אדער ברייננגען אין ארדנונג [ווי מאשינעריע אדער מיט דער הילף פון מאשינעריע]; אויסארבייטונג, סיסטעמאטיזירונג.

machi'nize *v.* (מע-שי'-נאיז) ברייננגען אין ארדנונג; אויסארבייטען; סיסטעמאטיזירען.

mac'intosh *n.* (מעק'-אינ-טאש) ז. ***mackintosh***

Mc'Intosh ap'ple (מעק'-אינ-טאש עפל) אזא רויטער עפעל. ז. איל. ***"Cultivated Fruits"***

mack'erel *n. and v.* (מעק'-ע-רעל) די מאקרעל [א זעהר ווערטהפאלער שפייז=פיש]; פאנגען מאקרעלען.



Mackerel

mack'erel-back sky (מעק'-ע-רעל-בעק סקאי) ז. ***mackerel-sky***

mack'ereler *n.* (מעק'-ע-רעל-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט מאקארעלען=פאנג; א שיף בענוצט פאר מאקארעלען=פאנג.

mack'ereller *n.* (מעק'-ע-רעל-ער) ז. ***mackereler***

mack'erel-mint *n.* (מעק'-ע-רעל-מינט) די גרינע מינצע [א פלאנצע וואס גיט ארויס א שמעקעדיגע שארפע זאפט]. ז. ***spearmint***

mack'erel-scales *n.* (מעק'-ע-רעל-סקיילז) גרופען לענגליכע פוכיגע וואלקענדלעך.

mack'erel-sky *n.* (מעק'-ע-רעל-סקאי) א הימעל בעצויגען מיט גרופען לענגליכע פוכיגע וואלקענדלעך.

mack'intosh *n.* (מעק'-אינ-טאש) א מאקינטאש, רעגען=מאנטעל; מאקינטאש=צייג.

mack'le *n. and v.* (מעקל) א פלעק; אין דרוקעריי — א דאפעל=דרוק [ווען אויף א פלאץ זעהט זיך א דאפעלטע דרוק צוליעב דעם וואס דאס פאפיער האט זיך א רוק געטהאן אדער צוליעב דעם וואס דאס פאפיער האט זיך פערבויגען]; פערפלעקען, פערשמירען; מאכען א פלעק [הויפטזעכליך אין דרוק=ארבייט — מאכען א דאפעל=דרוק].

mac'ouba *n.* (מעק'-או-בא) ז. ***maccoboy***

macro'bian *n.* (מעק-ראו'-בי-ען) איינער וואס לעבט לאנג.

macrobio'sis *n.* (מעק-רא-באי-או'-סיס) א לאנג לעבען; לאנג-לעביגקייט.

macro'biote *n.* (מעק-ראו'-בי-אוט) איינער וואס לעבט לאנג; א מענש אדער חיה וואס לעבט לאנג.

macrobiot'ic *a.* (מעק-רא-באי-אט'-איק) וואס לעבט לאנג.

macrobiot'ics *n.* (מעק-רא-באי-אט'-איקס) די לעהרע וועגען לאנג לעבען; א שטודיום וועגען די אורזאכען פון לאנג לעבען אדער וועגען די מיטלען צו לעבען לאנג.

macroceph'alous *a.* (מעק-רא-סעפ'-ע-לאס) לאנג-קעפיג, גרויס-קעפיג.

macrococ'cus *n.* (מעק-רא-קאק'-אס) א מין באקטעריען.

mac'rocosm *n.* (מעק'-רא-קאזם) די גאנצע וועלט, דער וועלט-אל.

macrocos'mic *a.* (מעק-רא-קאז'-מיק) וואס איז שייך צום וועלט-אל [די גאנצע וועלט]; אונגעהייער גרויס.

macrodac'tyl *n.* and *a.* (מעק-רא-דעק'-טיל) א פויגעל מיט לאנגע פינגער; וואס האט לאנגע פינגער [הויפטזעכליך וועגען פויגעל].

macrodactyl'ic *a.* (מעק-רא-דעק-טיל'-איק) וואס האט לאנגע פינגער [וועגען פויגעל].

macrol'ogy *n.* (מע-קראל'-א-דזשי) א לאנגער, לאנגווייליגער געשפרעך: א לאנגע, אינהאלטלאזע רעדע; אן אויסגוס פון ווערטער, א ים מיט ווערטער אבער מיט ווייניג אינהאלט.

macrom'eter *n.* (מעק-ראמ'-ע-טער) א מאקראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען אונצוגענגליכע הויכקייטען].

mac'ron *n.* (מעק'-ראן) דער שטריך [—] איבער א וואקאל, צו צייגען, אז ער איז לאנג.

macros'cian *a.* and *n.* (מעק-ראס'-אי-ען) וואס ווארפט א לאנגען שאטען [וועגען די איינוואהנער פון די פאלאר-לענדער]; איינער וואס ווארפט א לאנגען שאטען, אן איינוואהנער פון די פאלאר-לענדער.

macroscop'ic *a.* (מעק-רא-סקאפ'-איק) וואס מען קען זעהן מיט'ן נאקעטען אויג [אהן פערגרעסערונגס-גלעזער].

macroscop'ical *a.* (מעק-רא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *macroscopic*

macroscop'ically *adv.* (מעק-רא-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט'ן נאקעטען אויג; אהן א פערגרעסערונגס-גלאז; אויבערפלעכליך בעטראכטענדיג.

mac'rotone *n.* (מעק'-רא-טאון) ז. *macron*

macro'tous *a.* (מעק-ראו'-טאס) לאנג-אויערדיג, מיט לאנגע אויערען.

macru'ran *n.* (מעק-רוה'-רען) א מין קרעבס מיט א לאנגען עק.

macru'rous *a.* (מעק-רוה'-ראס) לאנג-עקיג, מיט א לאנגען עק.

mac'ula *n.* (מעק'-יו-לא) א פלעק; א פלעק אויף דער הויט; א טונקעלער פלאץ אויף א שיינענדער פלעכע; א זונען-פלעק; א פלעק אויף דער לבנה.

mac'ular *a.* (מעק'-יו-לאר) געפלעקט.

mac'ulate *v.* and *a.* (מעק'-יו-לייט) בעפלעקען; בעשמוצען; געפלעקט; בעפלעקט; בעשמוצט.

mac'ulated fe'ver (מעק'-יו-ליי-טעד פי'-ווער) טיפוס.

macula'tion *n.* (מעק-יו-ליי'-שאן) געפלעקטקייט; בעפלעקונג, בעשמוצונג.

mac'ulatory *a.* (מעק'-יו-לע-טא-רי) בעפלעקענד, בעשמוצענד.

mac'ulature *n.* (מעק'-יו-ליי-טשור) אין דרוקעריי — א מאקולאטור [א פערשמיערטער אדער שלעכט-געדרוקטער בויגען]; לעש-פאפיער, קלעק-פאפיער.

mac'ule *n.* and *v.* (מעק'-יול) ז. *mackle*

mac'ulose *a.* (מעק'-יו-לאוס) געפלעקט; בעפלעקט, בעשמוצט.

mac'ulous *a.* (מעק'-יו-לאס) געפלעקט.

mad *a.* (מעד) פעררוקט, משוגע, ווילד; שטארק פערקאכט אין עפעס; ארויס פון די כלים, אויסער זיך.

mad'am *n.* and *v.* (מעד'-עם) מאדאם; רופען אדער בעגריסען מיט'ן ווארט "מאדאם".

madame' *n.* (מע-דאם') מאדאם.

madapol'lam *n.* (מעד-ע-פאל'-עם) מאדאפאלאן [אזא באוועל-צייג].

mad'-ap'ple *n.* (מעד'-עפל) די אייער-פלאנצע. ז. *egg-plant*

mad as a hat'ter (מעד עז ע העט'-ער) ווילד, משוגע, אויסער זיך פאר צארן.

mad'brain *a.* and *n.* (מעד'-בריין) א היצקאפ; היצקעפיג.

mad'-brained *a.* (מעד'-בריינד) היציג, היצקעפיג.

mad'cap *n.* and *a.* (מעד'-קעפ) א צולאזענער יונג, א היצקאפ; צולאזען, ווילד, היצקעפיג.

mad'den *v.* (מעדן) ווערען ווילד, ווערען משוגע, ווערען אויסער זיך; מאכען ווילד, אויפרעגען ביז משוגעת, אריינברענגען אין ווילדען כעס.

mad'der *n.* and *v.* (מעד'-ער) קראפ [אזא מין פלאנצע וואס גיט ארויס א זעהר דויערהאפטע פארב, וואס ווערט געברויכט פאר לייווענד און בוימוואל]; די קראפ-פארב; פארבען מיט קראפ.

Madder

mad'derwort *n.* (מעד'-ער-הווירט) די קראפ-פלאנצע. ז. *madder*

mad'ding *a.* and *n.* (מעד'-אינג) ווערענדיג ווילד אדער משוגע; האנדלענדיג ווילד אדער משוגע; ארויס פון די כלים, ווילד, וויטהענד; א משוגעת, א ווילדער, משוגע'נער אויפטהו.

mad'dingly *adv.* (מעד'-אינג-לי) אויף א ווילדען, משוגע'נעם שטייגער.

mad'dish *a.* (מעד'-איש) משוגע'וואטע.

mad'dle *v.* (מעדל) זיין ווילד אדער משוגע; ריידען פון היץ.

mad'-doc'tor *n.* (מעד'-דאק'-טאר) אן אליעניסט, א פסיכיאטער, א משוגעים-דאקטאר.

made *a.* (מייד) געמאכט; פאבריצירט; קינסטליך; צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע טיילען; צוגעריכט [וועגען שפייזען]; פערזארגט; פערזיכערט [מיט ערפאלג]; גוט געלערענט [ווי למשל, א הונד]. ז. *make*

madefac'tion *n.* (מעד-אי-פעק'-שאן) בעפייכטונג, איינעצונג.

mad'efy *v.* (מעד'-אי-פאי) בעפייכטען, בענעצען.

Madei'ra *n.* (מע-דיי'-רא) מאדיירא [א פארטוגעזישער אינזעל ביים נארדוועסט ברעג פון אפריקא]; מאדיירא-וויין [פון אינזעל מאדיירא].

Madei'ran *a.* (מע-דיי'-רען) וואס איז שייך צום אינזעל מאדיירא, וואס קומט פון מאדיירא [אן אינזעל ביים נארדוועסט ברעג פון אפריקא, בעלאנגט צו פארטוגאל].

Madei'ra-vine *n.* (מע-דיי'-רא-וואין) אזא קלעטערענדע פלאנצע מיט העל-גרינע בלעטער און מיט לאנגע בינטלעך קליינע שמעקעדיגע בלימעלעך.

made man (מייד מען) א פערזארגטער מענש, אן איינגעשטעלטער מענש, א מענש, וואס איז שוין זיכער מיט ערפאלג.

A few more years of hard work and I shall be a **made man**.

made mast (מייד מעסט) א צוזאמענגעזעצטער מאסט [א מאסט וואס איז צוזאמענגעזעצט פון מעהרערע טיילען].

mademoiselle' *n.* (מע-דע-מוא-זעל') מאדמואזעל, פרייליין.

made of flesh (מייד אוו פלעש) ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש.

made to meas'ure (מייד טו מעזש'-אור) געמאכט נאך דער מאס; בעשטעלט.

This store is selling garments **made to measure**.

made up (מייד אפ) 1. שלום געווארען, זיך אויסגעגליכען; 2. קינסטליך, ניט נאטירליך, כלומר'שטדיג, אויסגעטראכט; 3. פארטיג, טאנדעט [געמאכט ניט אויף בעשטעלונג]; 4. צוזאמענגעשטעלט; פערפאלקאמט, פערפערטיגט, פערענדיגט; פאלשטענדיג, דורך און דורך.

1. The children quarreled in their play, but they **made up** very soon. 2. The story of the merchant's disappearance was only **made up** to fool his creditors. 3. The store sells only cheap **made up** goods.

mad'-head'ed *a.* (מעד'-העד'-עד) היציג, היצקעפיג.

mad'house *n.* (מעד'-האוס) א משוגעים-הויז.

mad'id *a.* (מעד'-איד) נאס, פייכט.

mad'ly *adv.* (מעד'-לי) אויף א משוגע'נעם אדער ווילדען שטייגער; מיט משוגעת; אויסער זיך פאר כעס; שטארק פערקאכט.

mad'man *n.* (מעד'-מען) א משוגע'נער, א וואהנזיניגער, א ווילדער יונג.

mad'ness *n.* (מעד'-נעס) וואהנזין, משוגעת; גרימצארן, היציגקייט, היצקעפיגקייט.

madon'a *n.* (מע-דאנ'-א) ז. *madonna*

Madon'na *n.* (מע-דאנ'-א) די מאדאנא, די הייליגע מאריע [קריסטוס'עס מוטער]; א בילד פון דער הייליגער מאריע.

madon'na *n.* (מע-דאנ'-א) מאדאם [אין איטאליעניש].

Madon'na-wise *adv.* (מע-דאנ'-א-וואיז) אין דער מאדאנא-פארם [וועגען האר-פריזור וואס איז עהנליך צו דער פריזור פון דער הייליגער מאריע, ווי עס ווערט געוועהנליך פארגעשטעלט אויף די בילדער].

madras' *n.* (מע-דרעס') מאדראס [האלב-זיידענצייג]; א טיכעל פון מאדראס.

mad'reperl *n.* (מעד'-רע-פוירל) פערל-מוטער.

madrepo'ra *n.* (מעד-רי-פאו'-רא) ז. *madrepore*

mad'repore *n.* (מעד'-רי-פאור) דער

מאדרעפאר, דער שטערן=קאראל, דער שוואם=קאראל.

Madrepore

mad'rier *n.* (מעד'-רי-ער) אן אבדאך איבער פעסטונגס=ווערק; א באלקען אונטערצושפארען די ערד אין א מינע.

mad'rigal *n.* (מעד'-רי-געל) א מאדריגאל [אזא געדיכט, א פאסטוכער=ליעד, א ליעבעס=ליעד; אויך די מוזיק צו אזא ליעד].

madriga'lian *a.* (מעד-רי-גיי'-לי-ען) וואס איז שייך צו א מאדריגאל.
ז. *madrigal*

mad'rigalist *n.* (מעד'-רי-געל-איסט) א פערפאסער אדער זינגער פון מאדריגאלען. ז. *madrigal*

mad'stone *n.* (מעד'-סטאון) א שטיין, וואס קען, לויט דעם פאלקס גלויבען [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא], היילען אדער פערהיטען הידראפאביא [די קראנקהייט וואס קומט פון דעם בים פון א משוגע'נעם הונד].

mad'wort *n.* (מעד'-הוואירט) א מין זענעפט=פלאנצע. ז. *Alyssum*

Mael'strom *n.* (מייל'-סטראם) דער מאלשטראם [אזא קעסעל=גרוב אין ים ביים ברעג פון נארוועגען, וואו דאס וואסער דרעהט זיך ווי אווירבעל].

mael'strom *n.* (מייל'-סטראם) א בעסעל=גרוב [אן ארט אין א טייך אדער ים וואו דאס וואסער דרעהט זיך, ווי א ווירבעל]; א פערניכטענדע קראפט.

mæ'nad *n.* (מיע'-נעד) א מענאדע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א פריסטערין פון דעם גאט באקכוס, דער גאט פון וויין און שכרות, וועלכע זינגט, טאנצט און הוליעט ווילד אין פרעהליכע שכור'ע גענעלשאפטען].

mænad'ic *a.* (מיע-נעד'-איק) ווי א מענאדע; ווילד, משוגע, וואקכאניש.
ז. *mænad*

maesto'so *adv.* (מא-עס-טאו'-סא) אין מוזיק — מאיעסטעטיש, געהויבען.

maes'tro *n.* (מא-עס'-טרא) א קונסט=מייסטער, א מוזיק=קינסטלער.

maf'fia *n.* (מא'-פי-א) ז. *Mafia*

Maf'fia *n.* (מא'-פי-א) ז. *Mafia*

Ma'fia *n.* (מא'-פי-א) די מאפיא, א געוויסע געהיימע פערברעכערישע געזעלשאפט אין סיציליען, איטאליען.

mag *v. and n.* (מעג) פלאפלען, פלוידערען; פלאפלעריי, פלוידעריי.

magazine' *n.* (מעג-ע-זין') א מאגאזין, א לאגער=הויז, א שפייכלער; א זשורנאל, א פעריאדישע אויסגאבע וואס ענטהאלט א זאמלונג פון פערשיעדענע ארטיקלען; א פולווער=קאמער.

magazin'er *n.* (מעג-ע-זינ'-ער) א שרייבער אין א זשורנאל.

magazine'-ri'fle *n.* (מעג-ע-זינ'-ראיפל) א מאגאזין=געוועהר [א ביקס, וועלכע קען אנגעלאדען ווערען מיט עטליכע קוילען מיט אמאל].

magazin'ist *n.* (מעג-ע-זינ'-איסט)
ז. *magaziner*

mag'dalen *n.* (מעג'-דע-לען) א פראסטיטוטקע וואס האט אנגעפאנגען פיהרען אן אנשטענדיג לעבען.

mag'dalen asy'lum (מעג'-דע-לען ע-סאי'-לאם) אן אנשטאלט אדער שפיטאל פאר געפאלענע פרויען, וועלכע ווילען אנפאנגען פיהרען אן אנשטענדיג לעבען.

mag'dalene *n.* (מעג'-דע-ליען).
ז. *magdalen*

magdalene'um *n.* (מעג-דע-לי-ני'-אם)
ז. *magdalen asylum*

mag'dalen hos'pital (מעג'-דע-לען האס'-פי-טעל) ז. *magdalen asylum*

magda'leon *n.* (מעג-דיי'-לי-אן) א פיל אדער מעדיקאמענט בכלל צוגעפערטיגט מיט שטיקלעך ברויט; א פלאסטער.

mage *n.* (מיידזש) א מאגיקער, א צויבערער, א כשוף=מאכער.

Magellan'ic clouds (מעדזש-ע-לענ'-איק קלאודז) אזעלכע צוויי וואלקען=עהנליכע שטערען=שטרייפען אין דער זידליכער העלפט פון הימעל.

ma'gen-Da'vid *n.* (מא'-גיין-דא'-וויד) א מגן דוד.

magen'ta *n.* (מע-דזשענ'-טע) אזא לילא=רויטער קאליר אדער פארב.

mag'got *n.* (מעג'-אט) א קאפריז, א משוגע'נער איינפאל, א שגעון; די לארווא [ווערימעל] פון וועלכער עס ענטוויקעלט זיך א פליעג; א ווארים.

mag'gotiness *n.* (מעג'-אט-אי-נעס) קאפריזנעקייט; דאס האבען א שגעון; דאס זיין בעדעקט מיט לארווא [א ווערימעל] פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א פליעג; ווערימדיגקייט.

mag'goty *a.* (מעג'-א-טי) ווערימדיג; קאפריזנע, וואס האט א שגעון אדער משוגע'נע איינפעלע.

Ma'gi *n.* (מיי'-דזשאי) די מאגיקער, די געלעהרטע און די פריסטער=קאסטע ביי די פערזיאנער און מעדער [חכמי פרס ומדי]; געלעהרטע לייט אין אריענט; די חכמי הקדם וואס זיינען געקומען, לויט ווי עס דערצעהלט זיך אין דער געשיכטע פון דער קריסטליכער רעליגיאן, בעגריסען די געבורט פון יעזוס קריסטוס.
ז. *Magus*

Ma'gian *a. and n.* (מיי'-דזשי-ען) וואס איז שייך צו די מאגיקער אדער צו דער פריסטער=קאסטע אין פערזיען [פרס]; א מאגיקער, א מיטגליעד פון דער פריסטער=קאסטע אין פערזיען.

Ma'gianism *n.* (מיי'-דזשי-ענ-איזם) די לעהרע אדער רעליגיאן פון די מאגיקער [אין פערזיען].

mag'ic *n. and a.* (מעדזש'-איק) מאגיע, צויבער=קונסט, כשוף; צויבער=קראפט; מאגיש, צויבעריש, כשוף'דיג.

mag'ical *a.* (מעדזש'-אי-קעל) מאגיש, צויבעריש, כשוף'דיג.

mag'ically *adv.* (מעדזש'-אי-קעל-אי) אויף א מאגישען אדער כשוף'דיגען אופן; דורך כשוף, דורך צויבער.

mag'ic flute (מעדזש'-איק פליוט) א צויבער=פלייט.

magi'cian *n.* (מע-דזשיש'-ען) א מאגיקער, א כשוף=מאכער. א צויבערער.

mag'ic lamp (מעדזש'-איק לעמפ)
ז. *magic lantern*

mag'ic lan'tern (מעדזש'-איק לענ'-טערן) א מאגישע לאנטערנע [אזא לאנטערנע צום פערגרעסערען קליינע בילדער, וועלכע ווערען רעפראדוצירט אויף א לייוונד אדער ווייסער וואנד אין א פינסטערען צימער].



Magic Lantern

mag'ic mir'ror (מעדזש'-איק מיר'-אר) א צויבער=שפיגעל [אזא שפיגעל צו מאכען קונצען].

mag'ic mu'sic (מעדזש'-איק מיו'-זיק) דאס טרעפען דורך מוזיק [אזא שפיעל וואו א זאך ווערט בעהאלטען אין אן ארט און איינער דארף זי געפינען לויט די טענער פון מוזיק. ווען ער קומט צ. ב. נעהנטער צום בעהעלטעניש=ארט שפיעלט די מוזיק שנעלער, ווען ער דערווייטערט זיך — שפיעלט די מוזיק לאנגזאמער א. ז. וו.].

mag'ic square (מעדזש'-איק סקהוועהר) דאס מאגישע צאהלען=פיער=עק [אזא פיער=עקיג קעסטעלע געטיילט אין קוואדראטען אין וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט ציפער אויף אזא אופן, דאס ווי מען זאל זיי ניט צונויפרעכענען, אין דער לענג, אין דער ברייט אדער שרעג, בעקומט מען אלץ דיעזעלבינע סומע.

1	16	11	6
13	4	7	10
8	9	14	3
12	5	2	15

Magic Square

magilp' *n.* (מע-גילפ') לייזן=אויל=פערניץ [אזא אויל=לאק וואס ווערט געברויכט ביים פארבען אדער מאלען].

magis'ter *n.* (מע-דזשיס'-טער) א מאגיסטער [אן אקאדעמישער טיטול, וואס איז אונגעפעהר ווי דער טיטול דאקטאר].

magiste'rial *a.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על) ווי א לעהרער; בעפעהלעריש, געביטעריש; דיקטאטאריש; שטאלץ, הויכמוטיג; וואס איז שייך צו א מאגיסטראט; וואס איז שייך צו א כעמישער פערבינדונג פון צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען פערשיעדען אין זייער כאראקטער.

magiste'rially *adv.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א לעהרער; געביטעריש, בעפעהלעריש; אזוי ווי א מאגיסטראט.

magiste'rialness *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-נעס) דאס זיין בעפעהלעריש אדער געביטעריש.

magiste'rium *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-אם) אין אלכעמיע — דער שטיין פון די פילאזאפען [אבן החכמים] מיט וועלכען מען קען, לויט ווי מען האט געגלויבט, אלע מעטאלען פערוואנדלען אין גאלד; א בעהויפטונג, ערקלערונג אדער בעפעהל פון אן אויטאריטעט אדער מאכט.

mag'istery *n.* (מעדזש'-איס-טע-רי) א בעהויפטונג, ערקלערונג אדער בעפעהל פון אן אויטאריטעט אדער מאכט; אין אלכעמיע — דער שטיין פון פילאזאפען [אבן החכמים] מיט וועלכען, לויט ווי מען האט געגלויבט, מען קען פערוואנדלען אלע מעטאלען אין גאלד; א בעמי=

שע פערבינדונג פון צוויי פליסיגקייטען פון פערשיעדענעם כאראקטער.

mag'istracy *n.* (מעדזש'-איס-טרע-סי) דאס אמט אדער די ווירדע פון א מאגיסטראט; די קערפערשאפט פון מאגיסטראטען.

mag'istral *a. and n.* (מעדזש'-איס-טרעל) ווי א לעהרער; ווי א מאגיסטראט: בעפעהלעריש, געביטעריש; וואס איז ספעציעל פערשריבען געווארען אדער צוזאמענגעשטעלט געווארען אלס רעצעפט [וואס מען בעקומט ניט אין אפטייק פארטיג]; אין פעסטונגס-ווערק — די גארטעל-ליניע אדער די גרונד-ליניע [די ליניע פון וועלכער אלע בעפעסטיגטע פלעצער ווערען בעצייכענט]; פולווערייזירטעם קופער וואס ווערט געטריקענט אין דער לופט צו מישען מיט זילבער; א בעאמטער אין א קירך אדער קאטעדראלע, וועלכער דארף האלטען א געוויסען קורס פון דרשות.

mag'istral line (מעדזש'-איס-טרעל לאין) אין פעסטונגס-ווערק — די גארטעל-ליניע אדער די גרונד-ליניע [די ליניע פון וועלכער אלע בעפעסטיגטע פלעצער ווערען בעצייכענט].

mag'istral meth'od (מעדזש'-איס-טרעל מעטה'-אד) די אונטערריכטס-מעטאדע פון א שוהל-לעהרער; דאס לערנען פעסטגעשטעלטע ווארהייטען.

mag'istrate *n.* (מעדזש'-איס-טרייט) א מאגיסטראט [אן אדמיניסטראטיווער בעאמטער, ווי א גובערנאטאר, א שטאדט-הויפט א. ד. ג.]; א פאליציי-ריכטער; א פריעדענס-ריכטער.

magistrat'ic *a.* (מעדזש-איס-טרעט'-איק) וואס האט די אויטאריטעט פון א מאגיסטראט; וואס איז שייך צו א מאגיסטראט. ז. *magistrate*.

magistrat'ical *a.* (מעדזש-איס-טרעט'-אי-קעל) ז. *magistratic*.

mag'ma *n.* (מעג'-מא) דער געדיכטער עקסטראקט וואס עס בלייבט פון דעם זאפט, וועלכער ווערט אויסגעדריקט פון געוויסע שטאפען; א זאלב; די גרונד-מאסע אדער באזיס פון א פעלז.

Mag'na Char'ta (מעג'-נא קאר'-טא) די גרויסע כארטא [דער דאקומענט, וואס דער ענגלישער קעניג דזשאהן איז געצוואונגען געווען ארויסצוגעבען אין יאהר 1215. דיעזער דאקומענט, וואס דיענט אלס דער באזיס פון דער ענגלישער פרייהייט, בעשרענקט די רעכטען און מאכט פון קעניג און גאראנטירט די פערזענליכע פרייהייטען און רעכטען פון די בירגער]; א קאנסטיטוציאן וואס זיכערט די רעכטען און פרייהייטען פון די בירגער.

magnan'erie *n.* (מען-יען'-ע-ריע) א פלאץ, וואו מען האדעוועט זייד-ווערים; דאס האדעווען אדער קולטיווירען זייד-ווערים.

magnan'imate *v.* (מעג-נען'-אי-מייט) מאכען גרויסמוטיג אדער עדעלמוטיג.

magnanim'ity *n.* (מעג-נע-נימ'-אי-טי) גרויסמוטה, עדעלמוטה.
The conquered army was treated with magnanimity.

magnan'imous *a.* (מעג-נען'-אי-מאס) גרויסמוטיג, עדעלמוטיג.

magnan'imously *adv.* (מעג-נען'-אי-מאס-לי) אויף א גרויסמוטיגען אדער עדעלמוטיגען אופן.

mag'nate *n.* (מעג'-נייט) א מאגנאט; אן אדעלמאן; א הויך-געשטעלטע פערזאן; א בעהערשער פון גרויסע רייכטימער; א מיטגליעד פון דעם אויבערשטען הויז פון דעם אונגארישען פארלאמענט.

magne'sia *n.* (מעג-ני'-שיא) מאגנעזיע [אזא ווייסער ערד-פולווער וועלכער ווערט געברויכט אין דער מעדיצין אלס אן אבפיהרונגס-מיטעל].

magne'sian *a.* (מעג-ני'-שי-ען) וואס איז שייך צו מאגנעזיע אדער וואס האט די אייגענשאפטען פון מאגנעזיע.

mag'nesite *n.* (מעג'-ני-סאיט) מאגנעזיט [נאטירליכער מאגנעזיום-קארבאנאט, א מינעראל וועלכער געפינט זיך אין ווייסע קאמפאקטע מאסען].

magne'sium *n.* (מעג-ני'-שיאם) מאגנעזיום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען. אזא זילבער-ווייסער לייכטער מעטאל, וואס גיט א זעהר העלעס ליכט ווען עס ווערט אנגעצונדען און ווערט בענוצט ביים אויפנעהמען פאטאגראפיעס ביי נאכט].

mag'net *n.* (מעג'-נעט) א מאגנעט.

magnet'ic *a. and n.* (מעג-נעט'-איק) מאגנעטיש; וואס האט מאגנעטישע אייגענשאפטען; צוציהענד; וואס איז שייך צו דער מאגנעטישער קראפט פון דער ערד; א מעטאל וואס קען געמאכט ווערען מאגנעטיש.

magnet'ical *a.* (מעג-נעט'-אי-קעל) מאגנעטיש.

magnet'ically *adv.* (מעג-נעט'-אי-קעל-אי) דורך מאגנעטיזם; אויף א מאגנעטישען אופן.

magnet'icalness *n.* (מעג-נעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין מאגנעטיש; די מאגנעטישע קראפט.

magnet'ic curves (מעג-נעט'-איק קוירווז) מאגנעטישע ליניען [די געבויגענע ליניען וועלכע ווערען פארמירט פון אייזען-שטויב, וואס געפינט זיך אויף א פאפיער אונטער וועלכען עס ווערט געהאלטען א מאגנעט].



Magnetic Curves

magnet'ic den'sity (מעג-נעט'-איק דען'-סי-טי) מאגנעטישע געדיכטקייט [די מאס מאגנעטיזם וואס איז קאנצענטרירט אויף אן איינהייטס-פלעכע, ווי אויף א קוואדראט צענטימעטער אדער א קוואדראט צאל א. ד. ג.].

magnet'ic field (מעג-נעט'-איק פיעלד) א מאגנעטישעס פעלד [א פלאץ וועלכער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון א מאגנעט אדער וואו א דראט מיט אן עלעקטרישען שטראם געהט דורך].

magnet'ic force (מעג-נעט'-איק פאורס) די מאגנעטישע קראפט [די קראפט וואס הערשט צווישען די מאגנעטישע פאלען].

magneti'cian *n.* (מעג-נע-טיש'-ען) א קענער אין מאגנעטיזם.

magnet'ic induc'tion (מעג-נעט'-איק-דאק'-שאן) מאגנעטישע אינדוקציאן [די קראפט וואס א מאגנעט אדער אן עלעקטרישער שטראם בעזיצט ארויסצורופען מאגנעטיזם אין אנדערע קערפער וועלכע געפינען זיך אין זייער נאהנטקייט אבער ניט אין בעריהרונג].



Magnetic Induction

magnet'ic lim'it (מעג-נעט'-איק לימ'-איט) די מאגנעטישע גרענעץ [דער טעמפעראטור-פונקט ביי וועלכען א מאגנעטישער מעטאל פערליערט זיינע מאגנעטישע פעהיגקייטען: ביי אייזען — ווען עס ווערט דערהיצט ביז העל-רויט; ביי ניקעל — ווען די טעמפעראטור דערגרייכט ארום 350 גראד צעלזיוס].

magnet'ic nee'dle (מעג-נעט'-איק ניעדל) א מאגנעט-נאדעל [א שטיקעל דינע מאגנעטישע שטאל וואס דרעהט זיך אין דער מיטען אויף א שפיץ פון א נאדעל ווי אין קאמפאס צ. ב.].

Magnetic Needle

magnet'icness *n.* (מעג-נעט'-איק-נעס) ז. *magneticalness*.

magnet'ics *n.* (מעג-נעט'-איקס) די וויסענשאפט פון מאגנעטיזם.

mag'netisable *a.* (מעג'-נע-טאי-זעבל) ז. *magnetizable*.

magnetisa'tion *n.* (מעג-נע-טי-זיי'-שאן) ז. *magnetization*.

mag'netise *v.* (מעג'-נע-טאיז) ז. *magnetize*.

mag'netism *n.* (מעג'-נע-טיזם) מאגנעטיזם, מאגנעט-קראפט; די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די אייגענשאפטען פון מאגנעטען; צוציהונגס-קראפט.

mag'netist *n.* (מעג'-נע-טיסט) ז. *magnetician*.

magnetizabil'ity *n.* (מעג-נע-טאי-זע-ביל'-אי-טי) די אייגענשאפט מאגנעטיזירט צו ווערען.

mag'netizable *a.* (מעג'-נע-טאי-זעבל) וואס קען מאגנעטיזירט ווערען.

magnetiza'tion *n.* (מעג-נע-טי-זיי'-שאן) מאגנעטיזירונג.

mag'netize *v.* (מעג'-נע-טאיז) מאגנעטיזירען, מאכען מאגנעטיש; צוציהען ווי מיט א מאגנעט.

mag'netizer *n.* (מעג'-נע-טאי-זער) א מאגנעטיזירער.

mag'neto-elec'tric *a.* (מעג'-נע-טאו-אי-לעק'-טריק) עלעקטרא-מאגנעטיש.

mag'neto-elec'trical *a.* (מעג'-נע-טאו-אי-לעק'-טרי-קעל) ז. *magneto-electric*.

mag'neto-electric'ity *n.* (מעג'-נע-טאו-אי-לעק-טרים'-אי-טי) עלעקטרא־מאגנעטיזמוס, עלעקטריציטעט וואס ווערט ארויסגערופען דורך מאגנעטיזם; די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די אייגענשאפטען פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם אין זייער פערבינדונג.

magnet'ograph *n.* (מעג-נעט'-א-גרעף) א מאגנעטאגראף [אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די קראפט פון א מאגנעט אדער די מאגנעטישע קראפט פון דער ערד].

magnetom'eter *n.* (מעג-נע-טאמ'-ע-טער) א מאגנעטאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען מאגנעטישע קראפט.

magnetom'etry *n.* (מעג-נע-טאמ'-ע-טרי) דאס מעסטען די שטארקייט פון א מאגנעט אדער די מאגנעטישע קראפט פון דער ערד.

magnetomo'tive *a.* (מעג-נע-טא-מאו'-טיוו) וואס פראדוצירט אקטיווע מאגנעטישע ווירקונגען.

mag'nifiable *a.* (מעג'-ני-פאי-עבל) וואס קען פערגרעסערט ווערען.

magnif'ic *a.* (מעג-ניפ'-איק) וואס מאכט גרויס אדער בעריהמט; גרויסארטיג, פרעכטיג, הערליך.

magnif'ical *a.* (מעג-ניפ'-אי-קעל) ז. ***magnific***

magnif'ically *adv.* (מעג-ניפ'-אי-קעל-אי) אויף א גרויסארטיגען אדער פרעכטיגען אופן; מיט פראכט, מיט גלאנץ.

Magnif'icat *n.* (מעג-ניפ'-אי-קעט) דער לויב־געזאנג פון דער הייליגער מאריע.

magnifica'tion *n.* (מעג-ני-פי-קיי'-שאן) די פערגרעסערונג; די פערגרעסערונג דורך א מיקראסקאפ.

magnif'icence *n.* (מעג-ניפ'-אי-סענס) גרויסארטיגקייט, פראכט, הערליכקייט; א טיטול פון הויכע בעאמטע אין אלטען רוים, ווי אויך נאך איצט אין דייטשלאנד פון א רעקטאר אין אן אוניווערזיטעט און פון אנדערע העכערע אוניווערזיטעטס־בעאמטע.

magnif'icent *a.* (מעג-ניפ'-אי-סענט) גרויסארטיג, פרעכטיג, הערליך.
The audience witnessed a magnificent production of the play.

magnif'icently *adv.* (מעג-ניפ'-אי-סענט-לי) אויף א פרעכטיגען אדער גרויסארטיגען אופן; מיט פראכט, מיט גלאנץ; פרעכטיג, גלענצענד, הערליך.

magnif'ico *n.* (מעג-ניפ'-אי-קאו) אן אמאליגער טיטול פאר אן ארעליגען פון דער ווענעציאנער רעפובליק; א הויךגעשטעלטע פערזאן; א ביי־נאמען פאר א רעקטאר פון אן אוניווערזיטעט אין דייטשלאנד.

mag'nifier *n.* (מעג'-ני-פאי-ער) עפעס וואס פערגרעסערט; א פערגרעסערער; א פערגרעסערונגס־גלאז.

mag'nify *v.* (מעג'-ני-פאי) פערגרעסערען; לויבען, ריהמען; מגזם זיין, איבערטרייבען.

mag'nifying-glass *n.* (מעג'-ני-פאי-אינג-גלעס) א פערגרעסערונגס־גלאז.

mag'nifying-lens *n.* (מעג'-ני-פאי-אינג-לענז) א פערגרעסערונגס־לינז [א פערגרעסערונגס־גלאז].

magnil'oquence *n.* (מעג-ניל'-א-קהווענס) באמבאסטיק [דאס נעברויכען הויכע פראזען אין ריידען אדער שרייבען].

magnil'oquent *a.* (מעג-ניל'-א-קהווענט) באמבאסטיש.

magnil'oquently *adv.* (מעג-ניל'-א-קהווענט-לי) אויף א באמבאסטישען שטייגער.

mag'nitude *n.* (מעג'-ני-טיוד) די גרויס אדער די מאס פון עפעס; וויכטיגקייט; בעדייטונג; אין מאטעמאטיק— א מעסטבארע גרעסע; די אייגענשאפט פון האבען א מעסטבארע גרויס אדער מאס; די העלקייט פון א שטערען לויט דעם נומערישען סיסטעם, וואס ווערט געברויכט אין אסטראנאמיע פאר דיעזען צוועק.

Magno'lia *n.* (מעג-נאו'-לי-א) דער מין מאגנאליע בוימער [אזא שעהנער ציערליכער מין בוימער מיט זעהר שעהנע בלומען].

Magnolia

mag'num *n.* (מעג'-נאם) אזא גרויסע וויין־פלאש [מייסטענס א צוויי־קווארטיגע]; די מאס וויין וואס אזא פלאש ענטהאלט.

mag'ot *n.* (מעג'-אט) די בערבערישע אדער טערקישע אפע [מאלפע]; א קליינע קאמישע מענשען־פיגור, ווי זי געפינט זיך אין די כינעזישע אדער אנדערע אריענטאלישע קונסט־זאמלונגען.

mag'pie *n.* (מעג'-פאי) אן עלסטער, א סאראקע [א גוט־בעקאנטער שווארצער פויגעל מיט א ווייסען בייכעל]; א האלבע פעני [אין ענגלאנד].

Magpie

mags'man *n.* (מעגז'-מען) א גאסען־שווינדלער וואס נארט ארייז דארפס־פויערים, וועלכע קומען אין שטאדט.

maguey' *n.* (מע-געהוויי') דער אמעריקאנער אלאען־בוים.

Ma'gus *n.* (מיי'-גאס) א מאגיקער [איינער פון דער פריסטער און געלעהרטען־קאסטע אין אלטען פערזיען]; איינער פון די דריי חכמי־קדם [ווערען אויך גערופען די דריי קעניגע] וואס זיינען געקומען, לויט דער געשיכטע פון דער קריסטליכער רעליגיאן, צו בעגריסען די געבורט פון קריסטוס.

Magyar' *n.* (מע-דזשאר') א מאגיאר, אן אונגאר; די אונגארישע שפראך.

ma'haleb *n.* (מא'-הע-לעב) די ווייקסעלקארש [אזא מין קארש פון וויאלעטען־פארב].

mahara'ja *n.* (מע-הא-רא'-דזשא) א פראמינענטער אינדישער פרינץ; אן אפיציעלער רעליגיאנס־לעהרער ביי די הינדוסען.

mahara'jah *n.* (מע-הא-רא'-דזשא) ז. ***maharaja***

Mah'di *n.* (מא'-די) מאהדי, דער מאכמעדאנישער משיח.

Mah'dian *n.* (מא'-די-ען) איינער וואס גלויבט, אז דער מאכמעדאנישער משיח מאהדי איז ערשיענען און ווארט נור אויף דעם ריכטיגען מאמענט, ווען זיך צו בעווייזען.

Mah'diism *n.* (מא'-די-איזם) דאס גלויבען אין דעם קומען פון דעם מאכמעדאנישען משיח, מאהדי.

mahl'stick *n.* (מאל'-סטיק) אזא שטעקען מיט א פילקע אויף איין ענד, וואס מאלער בענוצען אנצושפארען די האנד ביים מאלען.

mahog'anize *v.* (מע-האג'-ע-נאיז) מאכען אזוי ווי מאהאגאניע־האלץ, פארבען אזוי, אז עס זאל אויסזעהן ווי מאהאגאניע־האלץ.

mahog'any *n.* (מע-האג'-ע-ני) א מאהאגאניע־בוים; מאהאגאניע־האלץ [אזא טייערער זארט האלץ פון רויטליך־ברוינעם קאליר. ווערט בענוצט צו מאכען מעבעל, צו צימער־פערציערונגען א. ד. ג]; א טיש, א שפייז־טיש.

Mahogany

mahog'any-col'or *n.* (מע-האג'-ע-ני-קאל'-אר) מאהאגאניע־קאליר [רויט־ברוין].

Mahom'edan *a.* *and* *n.* (מא-האמ'-עד-ען) ז. ***Mohammedan***

Mahom'etan *n.* *and* *a.* (מע-האמ'-עט-ען) ז. ***Mohammedan***

Mahom'etanism *n.* (מע-האמ'-עט-ענ-איזם) ז. ***Mohammedanism***

Mahom'etanize *v.* (מע-האמ'-עט-ענ-איז) ז. ***Mohammedanize***

mahone' *n.* (מע-האון') אזא לאנגע טערקישע בארזשע אדער טראנספארט־שיף.

mahoun' *n.* (מע-האון') א שרעקליכע בעשעפעניש; א שד, א ניט־גוטער.

mahound *n.* (מע-האונד) ז. ***mahoun***

mahout' *n.* (מע-האוט') א פיהרער פון אן עלעפאנט [אין אינדיען].

Mahrat'i *n.* (מע-ראט'-אי) די שפראך פון די מאראטאס. ז. ***Mahratta***

Mahrat'ta *n.* (מע-ראט'-א) א מאראטא [א מיטגליעד פון א געוויסער הינדוסען ראסע, וועלכע געפינט זיך אין וועסט און צענטראל־אינדיען]; די שפראך פון די מאראטאס.

maid *n.* (מייד) א מיידעל, א יונגפרוי; א דיענסט; אזא פיש.

mai'den *n.* *and* *a.* (מיידן) א מיידעל, א יונגפרוי; א דיענסטמיידעל; א יונגע חיה; א נייע זאך אדער עטוואס אזעלכעס

וואס איז נאך ניט בענוצט געווארען; אן אינסטרומענט וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען צום קעפען פער'משפט'ע צום טויט; א פראלניק [אזא דיק האלץ-ברעטעל מיט א הענטעל צום קלאפען וועש ביים וואשען]; מיידעלש; יונגפרויליך; יונג, פריש, ניי; אונבענוצט; אונבעפלעקט, ריין; ערשט.

mai'den assize' (מיידן ע-סאיז') א קרימינאל-געריכט וואס האט קיינעם צום טויט ניט פעראורטיילט.

mai'den bat'tle (מיידן בעטל) דער ערשטער קאמפף, דער ערשטער שטרייט.

mai'denhair *n.* (מיי'דנ-העהר) דאס פרויען-האר [אזא פארן-פלאנצע וועלכע וואקסט אין פייכטע פעלזיגע ערטער].

mai'denhead *n.* (מיי'דנ-העד) יונגפרוי-שאפט; יונגפערשאפט, בתולים.

mai'denhood *n.* (מיי'דנ-הוד) יונגפרוי-שאפט; יונגפערשאפט; מיידעלשאפט.

mai'den-like *a.* (מיי'דנ-לאיק) מיידעלש, יונגפרויליך, ווי א מיידעל; אלס מיידעל; בעשיידען, שעמעוודיג.

mai'denliness *n.* (מיי'דנ-לי-נעס) יונגפרויליכקייט; די צניעות אדער בעשיידענהייט פון א מיידעל.

mai'denly *a. and adv.* (מיי'דנ-לי) מיידעלש; בעשיידען, צניעות'דיג; אזוי ווי א מיידעל; אויף א בעשיידענעם אדער צניעות'דיגען אופן.

mai'den-meek *a.* (מיי'דנ-מיעק) זאנפט, מילד ווי א מיידעל.

mai'den name (מיידן ניים) דער מיידעלשער נאמען [פון א פערהייראטער פרוי].

Mrs. Cohen's **maiden name** was Abrams.

mai'den-pink *n.* (מיי'דנ-פינק) די יונגפערן-נעלקע [אזא בלום].

mai'den-plum *n.* (מיי'דנ-פלאם) אזא וועסט-אינדישע פלאנצע, וועלכע גיט ארויס פון זיך א קלעפיגען זאפט פון וועלכען עס ווערט א שווארצע פארב ווען ער ווערט געבראכט אין דער פרייער לופט.

mai'den speech (מיידן ספיעטש) א יונגפערן-רעדע, אן ערשטלינגס-רעדע [בעזאנדערס פון א נייעם פארלאמענט-מיטגליעד].

mai'den stakes (מיידן סטייקס) דער ערשטער געלד-וועט וואס א יונג פערד געווינט אין זיין ערשטען וועט-לויף.

mai'den-tongued *a.* (מיי'דנ-טאנגד) מיט א זאנפטער שטימע [ווי א מיידעל].

mai'den-wid'owed *a.* (מיי'דנ-הוויד-אוד) וואס איז געבליבען אן אלמנה זייענדיג נאך א בתולה.

maid'hood *n.* (מייד'-הוד) ז. ***maidenhood***

Maid'-mar'ian *n.* (מייד'-מער'-אי-ען) די מאי-קעניגין [אין אמאליגע אלטע שפיעלען]; א מאנספערזאן פערקליידעט אין פרויען-קליידער; א קאמיקער; א פרעכע פרוי; אזא טאנץ.

Maid Mar'ian (מייד מער'-אי-ען) ז. ***Maid-marian***

maid of hon'or (מייד אוו אנ'-אר) א הויף-דאמע ביי א קעניגין אדער פרינצעסין; אן עהרען-דאמע אויף א חתונה [די דאמע, וועלכע בעגלייט די כלה צו דער חופה-צערעמאניע].

Maid of Or'leans (מייד אוו אר'-לי-ענז) די יונגפרוי פון ארלעאנס [די פראנצויזישע נאציאנאלע העלדין זשאנא ד'ארק, געבארען אין יאהר 1412, וועלכע האט, אלס א מיידעל פון 17 יאהר, א טאכטער פון א פויער, אנגעפיהרט די פראנצויזישע ארמעע אין קאמפף מיט די ענגלענדער און האט זיי בעזיעגט. שפעטער איז זי אריינגעפאלען אין געפאנגענשאפט ביי די ענגלענדער, וועלכע האבען זי אין יאהר 1431 פערברענט אלס מכשפה. זשאנא ד'ארק צעהלט זיך צווישען די הייליגע פון דער פראנצויזישער קירך].

maid'-pale *a.* (מייד'-פייל) בלייך, בלאס.

maid'-ser'vant *n.* (מייד'-סויר'-וועננט) א דיענסטמיידעל.

mail *n. and v.* (מייל) פאסט; זאכען וואס ווערען געשיקט דורך פאסט; א פאסט-זאק; א טשעמאדאן; א פאנצער; געפלאכטענע פון רינגעלעך; א פאנצער, א שטארקע שוץ-דעקע; איבערגעבען צו דער פאסט אבצושיקען; שיקען דורך פאסט; ארייןווארפען אין בריעף-קאסטען; אנטהאן א פאנצער; בעדעקען מיט א פאנצער.

mail'able *a.* (מייל'-עבל) וואס מען קען שיקען דורך פאסט.

mail'-bag *n.* (מייל'-בעג) א בריעף-זאק, א פאסט-זאק.

mail'-box *n.* (מייל'-באקס) א בריעף-קאסטען, א פאסט-קאסטען.

mail'-car *n.* (מייל'-קאר) א וואגאן פון אן אייזענבאהן אין וועלכען עס ווערט געפיהרט די פאסט.

mail'-car'rier *n.* (מייל'-קער'-אי-ער) א בריעף-טרעגער, א פאסטאליאן.

mail'-cart *n.* (מייל'-קארט) א פאסט-וואגען.

mail'-clad *a.* (מייל'-קלעד) בעפאנצערט; געשיצט דורך א פאנצער.

mail'-coach *n.* (מייל'-קאוטש) א פאסט-וואגען.

mailed *a.* (מיילד) וואס האט א פאנצער [וועגען געוויסע חיות, ווי א שילדקרעט א. ד. ג.].

mai'ler *n.* (מיי'-לער) איינער וואס פערפערטיגט און פערפאקט צום אבשיקען פאסט-זאכען; אן אדרעס-מאשין.

mail'-guard *n.* (מייל'-גארד) א פאסט-קאנדוקטאר, א פאסטאליאן.

mai'ling-machine' *n.* (מיי'-לינג-מע-שין') אן אדרעס-מאשין.

mai'ling-ta'ble *n.* (מיי'-לינג-טיי'-בל) א טיש אין א פאסט-קאנטאר, אויף וועלכען עס ווערען זארטירט די בריעף.

mail'-mas'ter *n.* (מייל'-מעס'-טער) א פאסט-בעאמטער.

mail'-mat'ter *n.* (מייל'-מעט'-ער) פאסט-זאכען [זאכען, וועלכע ווערען געוועהנליך געשיקט דורך פאסט, ווי בריעף, צייטונגען א. ד. ג.].

mail'-or'der *n.* (מייל'-אר'-דער) א פאסט-בעשטעלונג [א בעשטעלונג אויף סחורה וואס ווערט ערהאלטען דורך פאסט].

mail'-or'der house (מייל'-אר'-דער האוס) א געשעפטס-הויז פאר איינצעל-פערקויף, וואס קריעגט די בעשטעלונגען און שיקט זיי ארויס דורך פאסט.

mail'-route *n.* (מייל'-רוהט) א פאסט-וועג [דער וועג מיט וועלכען די פאסט ווערט געפיהרט אין די ערטער וואו קיין אייזענבאהנען זיינען ניטא].

mail'-sack *n.* (מייל'-סעק) ז. ***mail-bag***

mail'-stage *n.* (מייל'-סטיידזש) ז. ***mail-coach***

mail'-stea'mer *n.* (מייל'-סטיע'-מער) א פאסט-דאמפפער [א דאמפפער מיט וועלכען מען פיהרט די פאסט].

mail'-train *n.* (מייל'-טריין) א פאסט-צוג [אן אייזענבאהן-צוג מיט וועלכען מען פיהרט פאסט].

maim *v. and n.* (מיים) פערקריפלען; דאס קאליעטשען; א פערקריפלונג.

mai'medly *adv.* (מיי'-מעד-לי) אויף א צוקאליעטשעטען אדער פערקריפעלטען אופן.

mai'medness *n.* (מיי'-מעד-נעס) דאס זיין צוקאליעטשעט אדער פערקריפעלט.

main *n. and a.* (מיין) קראפט, מאכט, געוואלט; דער הויפט-טייל, דער גרעסטער טייל; א וויטע שטרעקע, דער אפענער ים, א קאנטינענט [א גרויס שטיק יבשה]; א הויפט-קאנאל, רעהר א. ז. וו.; וועט-קאמפף פון העהנער; א לאפעטקע צו שארען געלד [אין באנקען]; הויפט, וואס איז דאס גרעסטע אדער דאס וויכטיגסטע; פול, גאנץ [וועגען קראפט].

main'-bod'y *n.* (מיינ'-באד'-אי) דער הויפט-קארפוס [פון אן ארמעע]; דער מיטעלסטער טייל פון א שיף.

main'-boom *n.* (מיינ'-בוהם) דער גרויסער מאסט-בוים אויף א סקונער [אזא שיף].

main chance (מיין טשענס) דער הויפט-שאנס; די הויפט-וואהרשיינליכקייט; דער הויפט-ציעל וואס מען דארף אין זינען האבען; דער הויפט פערזענליכער נוצען אדער פארטייל.

main'-coup'le *n.* (מיינ'-קאפל) דער הויפט-באלקען פון א דאך.

main'-deck *n.* (מיינ'-דעק) דער הויפט-דעק פון א שיף [אויף קריעגס-שיפען — דער טייל, וואו עס געפינען זיך די קאנאנען; אויף אנדערע שיפען — דער מיטען פון דעם אויבערשטען דעק].

main'-ham'per *n.* (מיינ'-העמ'-פער) א פרוכט-קארב.

main'land *n.* (מיינ'-לענד) א קאנטינענט, די הויפט-יבשה [אין געגענזאץ צו אינזעלען].

main'-link *n.* (מיינ'-לינק) די פערבינדונג צווישען דעם קורבעל-שטאנג פון א דאמפף-מאשין מיט דעם קאלבען-שטאנג.

main'ly *adv.* (מיינ'-לי) 1. הויפטזעכליך; 2. מיט קראפט, מיט מאכט, מיט געוואלט.

1. Some districts in the city are **mainly** inhabited by foreigners.

main'mast *n.* (מיינ'-מעסט) דער הויפט-מאסט, דער גרעסטער מאסט [אויף א שיף].

main opin'ion (מיין א-פינ'-יאן) די הערשענדע מיינונג.

mai'nor *n.* (מיי'-נאר) א גנבה וואס מען כאפט ביי דער האנד; א גנבה געפונען ביים גנב; גנבה.

main'-road *n.* (מיינ'-ראוד) דער הויפט-וועג, דער טראקט, א שאסע.

main'royal *n.* (מיינ'-ראי-על) דער אויבערשטער זעגעל אויף דער הויפט-מאסט.

main'sail *n.* (מיינ'-סייל) דאס הויפט-זעגעל, דאס גרעסטע זעגעל פון א שיף.

main sea (מיין סיע) דער אפענער ים, דער ברייטער אקעאן.

main'spring *n.* (מיינ'-ספרינג) די הויפט פרוזשינע פון א מעכאניזם; די שפרינג-פעדער [פון א זייגער]; די הויפט-קראפט; די הויפט-אורזאכע.

main'stay *n.* (מיינ'-סטיי) 1. א שטריק

וואס בעפעסטיגט די הויפט־מאסט פון א שיף; 2. די הויפט־שטיצע.
2. The support of his friends is the mainstay of his popularity.

main'swear *v.* (מיינ'-סהוועהר) שווערען פאלש.

maintain' *v.* (מיינ-טיינ') 1. האלטען; אנהאלטען, אויסהאלטען, בעזארגען [מיט חיונה]; 2. אונטערהאלטען, אונטערשטיצען; פערטיידיגען; בעהויפטען.
1. The lad is working hard to maintain his widowed mother. 2. I maintain that my opinion is the right one.

maintai'nable *a.* (מיינ-טיי'-נעבל) וואס מען קען אנהאלטען; וואס קען אויסגעהאלטען ווערען מיט חיונה; וואס קען געשטיצט אדער פערטיידיגט ווערען; וואס קען בעהויפטעט ווערען.

maintai'ner *n.* (מיינ-טיי'-נער) א האלטער, אן אונטערהאלטער, אן אונטערשטיצער, א פערטיידיגער; איינער וואס האלט אויס, בעזארגט מיט חיונה.

maintai'nor *n.* (מיינ-טיי'-נאר) איינער וואס אונטערשטיצט, געגען די אינטערעסען פון דער געריכטליכקייט, איינעם פון די צדדים וואס לאדען זיך אין געריכט; איינער וואס שטערט דער געריכטליכקייט.

main'tenance *n.* (מיינ'-טע-נענס) האלטונג, אנהאלטונג; אויסהאלטונג, פערזארגונג [מיט חיונה]; חיונה; פערטיידיגונג, בעשיצונג; דאס אונטערשטיצען, געגען די אינטערעסען פון דער געריכטליכקייט, איינעם פון די צדדים וואס לאדען זיך אין געריכט; דאס שטערען דער געריכטליכקייט.

main'top *n.* (מיינ'-טאפ) דער גרויס־מארס, [א פלאטפארמע אויף דעם שפיץ פון דעם הויפט מאסט אויף א שיף].

main'topmast *n.* (מיינ'-טאפ-מעסט) דער גרויס־מארס־שטאנג [אויף א שיף].

main'-yard *n.* (מיינ'-יארד) דער שטאנג, אויף וועלכען דאס הויפטזעגעל איז אנגעצויגען.

maio'lica *n.* (מא-יאו'-לי-קא) ז. ***majolica***.

maî'tre *n.* ((מייטר) א בעל־הבית.

maize *n.* (מייז) מאאים, קוקורוזע, טערקישע ווייץ; אזא פארב [פארבט זייד און וואל אין רויטליך־געל].

Maize

Maj. אבקירצונג פון ***Major*** [מאיאר].

majes'tic *a.* (מע-דזשעס'-טיק) מאיעסטעטיש, פול מיט ווירדע, ערהאבען.

majes'tical *a.* (מע-דזשעס'-טי-קעל) ז. ***majestic***.

majes'tically *adv.* (מע-דזשעס'-טי-קעל-אי) אויף א מאיעסטעטישען אופן, מאיעסטעטיש; פול מיט ווירדע, ערהאבען.

majes'ticalness *n.* (מע-דזשעס'-טי-קעל-נעס) מאיעסטעטישקייט, ווירדע, ווירדיגקייט, ערהאבענהייט.

maj'esty *n.* (מעדזש'-עס-טי) מאיעסטעט, ווירדע, ערהאבענהייט.

Maj.-Gen. אבקירצונג פון די ווערטער ***Major-General***

majol'ica *n.* (מע-דזשאל'-אי-קא) מאיאליקא [ערדענע כלים בעדעקט מיט פארביגע פיגורען].

ma'jor *a., n. and v.* (מיי'-דזשאר) גרעסער, וויכטיגער; הויפט; וואס איז עלטער; מינדיג, פול־יעהריג; וואס איז שייך צום צע־דור טאנארט [דער געוועהנליכער טאנארט אין מוזיק]; אין לאגיק — ברייטער, אומפאסענדער, וואס דיענט אלס פארויסזעצונג; א מאיאר [אין מיליטער]; א פול־יעהריגער, א מינדיגער; דער צע־דור טאנארט; אין לאגיק — די פארויסזעצונג, דער אויבערזאץ אדער פאדערזאץ אין א סילאגיזם [ווי למשל, דער ערשטער זאץ פון דעם סילאגיזם: אלעס וואס לעבט מוז שטארבען; מענשען לעבען; פאלגליך מוזען מענשען שטארבען]; זיך האלטען ווי א קאמאנדיר אדער אויף א מיליטערישען אופן.

ma'jorate *n.* (מיי'-דזשאר-אייט) ז. ***majorship***.

majordo'mo *n.* (מיי-דזשאר-דאו'-מאו) א מאזשארדאם, דער הויפט־אויפזעהער אדער פערוואלטער פון א הויז־בעל־הבית־ישקייט [הויפטזעכליך פון א קעניגליכען הויף].

ma'jor-gen'eral *n.* (מיי'-דזשאר-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל־מאיאר.

ma'jor-gen'eralship *n.* (מיי'-דזשאר-דזשענ'-ע-רעל-שיפ) דאס אמט אדער דער טיטול פון א גענעראל־מאיאר.

ma'jor in'terval (מיי'-דזשאר אינ'-טער-וועל) דער גרויסער אינטערוואל, די צווישענצייט פון איין טאן ביז'ן צווייטען אין דעם צע־דור טאנארט. ז. ***major***.

major'ity *n.* (מע-דזשאר'-אי-טי) 1. מאיאריטעט, די מעהרהייט, גרעסטער טייל [מעהר ווי העלפט]; 2. מינדיגקייט, פול־יעהריגקייט; 3. א מאיאר־אמט.
2. A man reaches his majority at 21.

major'ity par'ty (מע-דזשאר'-אי-טי פאר'-טי) די הערשענדע פארטיי.
The Republicans have been the majority party for many years.

major'ity-par'ty *n.* (מע-דזשאר'-אי-טי-פאר'-טי) אן אונטערהאלט, ווען איינער ווערט פול־יעהריג.

ma'jor key (מיי'-דזשאר קיע) די צע־דור טאנארט [אין מוזיק]. ז. ***major***.

ma'jor mode (מיי'-דזשאר מאוד) ז. ***major key***.

ma'jor prem'ise (מיי'-דזשאר פרעמ'-איס) דער פאדערזאץ אין א סילאגיזם וואס ענטהאלט דעם פרעדיקאט פון דעם שלוס [ווי דער פאדערזאץ "מענשען זיינען שטערבליך" אין דעם סילאגיזם: מענשען זיינען שטערבליך, ברוך איז א מענש; פאלגליך: ברוך איז שטערבליך].

ma'jor proph'ets (מיי'-דזשאר פראפ'-עטס) די נביאים ישעיה, ירמיהו, יחזקאל און דניאל.

ma'jorship *n.* (מיי'-דזשאר-שיפ) דאס אמט אדער ראנג פון א מאיאר.

ma'jor term (מיי'-דזשאר טוירם) דער פרעדיקאט אין א שלוס פון א סילאגיזם. ז. ***major premise***.

majus'cula *n.* (מע-דזשאס'-קיו-לא) ז. ***majuscule***.

majus'cule *n.* (מע-דזשאס'-קיול) דער גרויסער אדער אנפאנגס־בוכשטאב [אין די פארצייטיגע גריכישע מאנוסקריפטען].

ma'kable *a.* (מיי'-קעבל) וואס קען געמאכט ווערען.

make *v. and n.* (מייק) מאכען, בילדען, שאפען, בעשאפען; ארויסברייננגען, פראדוצירען, פאבריצירען; אויפבויען, צוזאמענשטעלען; פארמירען, פערפאסען; פערוואנדלען, איבערמאכען; צוגרייטען, פערפערטיגען צום געברויך; אויסבילדען, ארויסרופען, פארשטעלען; ווירקען; צווינגען; ערווערבען, בעקומען; דורכגעהן, פערבייגעהן; דערוואייזען א פאקט; צוקומען נעהנטער, בעוואייזען זיך [וועגען א שיף]; בעשליסען, בערעכנען; ערגענצען, פערפאלקאמענען; מאכען א שלום; בעטראכטען; טהאן עפעס; פארלעגען אן ערבייט; פערשליסען, פערצאמען; בעוועגען זיך, ריכטען זיך; ערשיינען; פליסען; אויפהויבען זיך [וועגען וואסער]; דער געבוי, דאס געשטאלט, די פארם, דער פאסאן; די טבע, די נאטור אדער כאראקטער פון איינעם; די פראדוקציאן, די פאבריקאציאן; דאס מאכען, דאס ערווערבען.

make a back (מייק ע בעק) איינבויגען דעם רוקען צו לאזען אריבערשפרינגען איבער זיך.

make abate'ment (מייק ע-בייט'-מענט) געבען ראבאט; ארונטערלאזען פון פרייז.

make a bed (מייק ע בעד) פערבעטען דאס בעט.

make a board (מייק ע באורד) שווימען אין זיגזאגען [וועגען א שיף].

make abode' (מייק ע-באוד') וואהנען, האבען א וואהנונג.

make a cast (מייק ע קעסט) זובען דעם סליאד פון א חיה [אין געיעג].

make account' of (מייק ע-קאונט' אוו) היכשעצען.

make a cir'cuit (מייק ע סויר'-קיט) מאכען אן אומוועג; קרייזען; געהן ארום; ארבעגעהן פון גלייכען וועג.

make a clean breast of (מייק ע קליען ברעסט אוו) אויפדעקען דאס הארץ, מתודה זיין זיך; ארונטערנעהמען א שטיין פון הארצען.

make a clean sweep (מייק ע קליען סהוויעפ) פאלשטענדיג אויסראמען אדער אויסקעהרען; אין פאליטיק — בעזייגען די פארטיי אין מאכט; ארונטערווארפען פריהערדיגע בעאמטע.

make a cour'tesy (מייק ע קויר'-טי-סי) זיך פערבויגען, זיך פערנייגען.

make acquain'tance (מייק ע-קוויינ'-טענס) שליסען בעקאנטשאפט.

make acquain'ted with (מייק ע-קוויינ'-טעד הוויטה) 1. נאכריכט געבען פון אימעצען אדער פון עטוואס; 2. בעקאנט מאכען, פארשטעלען.
2. Permit me to make you acquainted with Mr. Brown.

make a date (מייק ע דייט) בעשטימען א צייט אדער דאטום.
The lovers made a date to meet in the park.

make a depos'it (מייק ע די-פאז'-איט) 1. אריינטראגען אדער דעפאנירען געלד אין א באנק; 2. איינלעגען געלד; האנדגעלד געבען.
1. He made a deposit of two hundred dollars. 2. Make a deposit on the order or the goods will not be shipped.

make a dif'ference (מייק ע דיפ'-

ע-רענס) מאכען אן אונטערשיעד; אויס־מאכען, האבען א בעדייטונג.
It makes no difference whether you will come to-day or to-morrow.

make a div'idend (מייק ע דיווי־אי־דענד) צוטיילען דעם ריוח פון א גע־שעפט צווישען די איינענטימער פראפאר־ציאנעל לויט דעם קאפיטאל וואס יעדער האט אריינגעלעגט.

make a doub'le (מייק ע דאבל) אין יאגד — דערשיסען צוויי חיות אדער צוויי פויגלען איינע נאך די אנדערע פון א צוויי־רעהריגער ביקס.

make a face (מייק ע פיים) מאכען א מינע; מאכען העויות.

make a feint (מייק ע פיינט) מאכען אן אנשטעל.

make a fig'ure (מייק ע פיג'־יור) זיין אנגעזעהן; מאכען אן אנשטעל.

make a fool of (מייק ע פוהל אוו) מאכען איינעם לעכערליך; מאכען איינעם צום נארען.

make a for'tune (מייק ע פאהר'־טשון) מאכען א פערמעגען, ווערען רייך.

make af'ter (מייק עפ'־טער) נאכפאל־גען, נאכיאגען נאך עפעס; סטארען זיך צו כאפען.

make against' (מייק ע־גענסט') ווי־דערשפרעכען; זיין געגען.

make a good board (מייק ע גוד באורד) שווימען א ווייטע שטרעקע גע־גען ווינד [וועגען א שיף].

make a hare of (מייק ע העהר אוו) מאכען איינעם לעכערליך; אבטהאן איי־נעם א שפיצעל.

make a hash of (מייק ע העש אוו) אין גאנצען רואינירען, צושטערען, פער־ניכטען.

make ahead' (מייק ע־העד') פארווערטס קומען; בריינגען צו עפעס.

make a hit (מייק ע היט) האבען גרויסען ערפאלג.

make a jest (מייק ע דזשעסט) אבשפא־סען, מאכען שפאס.

make a leap at (מייק ע ליעפ עט) זיך ווארפען אויף אימעצען אדער עפעס.

make a lee shore (מייק ע ליע שאור) צופאהרען אונטער'ן ווינד צום סאמע ברעג [וועגען א שיף].

make a lip (מייק ע ליפ) אנבלאזען זיך; ווערען ברוגז; מאכען א מינע פון פערדראסונג.

make a liv'ing (מייק ע ליוו'־אינג) מאכען א לעבען; האבען חיונה; האבען אויף אויסקומעניש.

make al'manacs for last year (מייק אהל'־מע־נעקס פאר לעסט ייר) טהאן עפעס צו שפעט; אריינפאהרען אין שבת אריין.

make a long arm (מייק ע לאהנג ארם) אויסציהען די האנד צו דערלאנגען עפעס.

make a meal (מייק ע מיעל) האבען א גוטען מאהלצייט.

make amends' (מייק ע־מענדז') עפעס גוט מאכען; בעגיטיגען; בעפריעדיגען.
He will make amends for his errors.

make a mess of (מייק ע מעס אוו) עפעס פערדארבען; אנמאכען א צרה.

make a mo'tion (מייק ע מאו'־שאן) מאכען א פארשלאג.

make a mouth (מייק ע מאוטה) פער־קרימען דאס מויל; מאכען א מינע; מא־כען העויות.

make a move (מייק ע מוהוו) מאכען א צוג, געהן א גאנג [אין שאך־מאט].

make am'ple prom'ises (מייק עמפל פראמ'־אי־סעז) צוזאגען גאלדענע בערג.

make an appoint'ment (מייק ען ע־פאינט'־מענט) אבמאכען צו טרעפען זיך מיט אימעצען.

make and mar (מייק ענד מאר) האל־פען אין איין בויען און צוברעכען.

make an end (מייק ען ענד) מאכען א סוף; אב'פטר'ען.

make an en'try (מייק ען ענ'־טרי) אריינשרייבען אין א בוך [אין א קאנ־טאר].

make an exam'ple of a per'son (מייק ען עג־זעמ'פל אוו ע פויר'־סאן) מאכען איינעם אלס מוסטער אדער ביי־שפיעל; אנלערנען איינעם אזוי, אז אנ־דערע זאלען זיך נעהמען א מוסר.

make an hon'est wom'an of (מייק ען אנ'־עסט הוואומ'־ען אוו) חתונה הא־בען מיט א פרויענצימער נאכדעם ווי מען האט זי פערפיהרט.

make an invest'ment (מייק ען אינ־וועסט'־מענט) אריינלעגען געלד.

make a pas'sage (מייק ע פעס'־עדזש) עמיגרירען פון איין נאהרונגס־ארט צום צווייטען [ווי די וואלפיש]; שווימען צו א בעשטימטען ארט אדער צוריק [וועגען א שיף].

make a pass at (מייק ע פעס עט) אימעצען א קלאפ געבען.

make a point (מייק ע פאינט) מאכען א בעזונדערען ווינשענסווערטהען איינ־דרוק; זיך אויפהייבען אויף א בעזונדע־רען אופן אין דער לופט [וועגען א פאלק־פויגעל].

make a point of (מייק ע פאינט אוו) זיין בעשלאסען צו טהאן עפעס און טהאן עס; בעשטעהן אויף עפעס.
He made a point of rising early.

make a pres'ent (מייק ע פרעז'־ענט) געבען א מתנה.

make a pretense' to (מייק ע פרי־טענס' טו) פרעטענדירען, פאדערען עפעס; ארויסטרעטען מיט א פרעטענזיע.

make a res'cue (מייק ע רעס'־קיו) בעפרייען מיט געוואלט אן ארעסטירטען.

make arrange'ments (מייק ע־ריינדזש'־מענטס) ארראנזשירען, צוגרייטען.

make a scene (מייק ע סין) מאכען א סצענע; מאכען א סקאנדאל.

make a sensa'tion (מייק ע סענ־סיי'־שאן) מאכען א סענזאציאן אדער שטארקען איינדרוק.

make a show (מייק ע שאו) זיך ארויס־שטעלען, מאכען א פאראד פון זיך.

make as if (מייק עז איף) מאכען אן אנשטעל, ארויסווייזען זיך כלומר'שט.

make a speech (מייק ע ספיעטש) האל־טען א רעדע.

make a splash (מייק ע ספלעש) ציה־הען די אויפמערקזאמקייט.

make a stand (מייק ע סטענד) זיך אבשטעלען; זיך שטעלען געגען, ארויס־ציינען א ווידערשטאנד.

make a state'ment (מייק ע סטיימ'־מענט) מאכען אן ערקלערונג; אין מסחר — אנגעבען די אקטיווא און פאסיווא [וואס מען האט און וואס מען איז שול־דיג].

make a stay (מייק ע סטיי) אויפהאל־טען זיך [אויף אן ארט]; וואקלען זיך, זיין ניט־ענטשלאסען.

make at (מייק עט) זיך דערנעהנטערען מיט'ן ציעל אנצופאלען; געהן מיט א בייזער כונה געגען אימעצען אדער עפעס.

make a tri'al (מייק ע טראי'־על) פרו־בירען.

make away' with (מייק ע־הוויי' הוויטה) אבראמען פון וועג; פטר'ען, פערניכטען; טויטען; פערשווענדען, צו־שטערען.

make'bate *n.* (מייק'־בייט) די פאלע־מאניום [א מין פעדער־ארטיג גראז מיט געלבע בליטהען]; איינער וואס רופט ארויס מחלוקות אדער קריגע; א פריע־דענס־שטערער.

make'-belief' *n. and a.* (מייק'־בי־ליעף') ז. ***make-believe***

make believe' (מייק בי־ליעוו') פרע־טענדירען, מאכען אן אנשטעל; ארויס־ווייזען זיך כלומר'שט פאר עפעס.

make'-believe' *n. and a.* (מייק'־בי־ליעוו') דאס ארויסשטעלען זיך ניט אין דעם ריכטיגען געשטאלט; א פרעטענ־זיע; א פאלשע פארשטעלונג; ניט רע־אל; פאלש ארויסגעשטעלט; מיט א פרע־טענזיע.

make boast of (מייק באוסט אוו) זיך מיט עפעס בעריהמען.

make bold (מייק באולד) זיך נעהמען די פרייהייט, זיך ערלויבען.

make bold with (מייק באולד הוויטה) ברויכען אדער טהאן עפעס ניט אנפרע־גענדיג זיך.

make boot of (מייק בוהט אוו) האבען פראפיט; שלאגען קאפיטאל פון עפעס.

make both ends meet (מייק באוטה ענדז מיעט) זיך שטרעקען נאך די עקען; אויסקומען מיט דער חלה אויף המוציא; דורכקומען מיט דער הוצאה: לעבען אזוי, אז די הוצאה זאל ניט זיין גרעסער פון דער הכנסה.

make brags on (מייק ברעגז אן) מא־כען א גאנצען ווענזען פון עפעס.

make close inqui'ry (מייק קלאוס אינ־קהוואי'־רי) מאכען א גרינדליכע אונ־טערזוכונג.

make com'mon cause with (מייק קאמ'־אן קאהז הוויטה) שטרעבען צוזא־מען צו איין ציעל; אונטערשטיצען איי־נער דעם אנדערען אין דערגרייכען עפעס.

make con'science (מייק קאנ'־שענס) טהאן עפעס לויט'ן געוויסען.

make dain'ty (מייק דיינ'־טי) זיך ציע־רען; זיך בלאזען.

make dates (מייק דייטס) ז. ***make a date***

make doub'le returns' (מייק דאבל רי־טוירנז') איינברענגען צוויי מאל אזוי פיעל.

make duck and drake (מייק דאק ענד דרייק) מאכען קאטשקעלעך אויף'ן וואסער [ווארפען פלאכע שטיינדלעך אויף'ן וואסער אזוי אז זיי זאלען איינינע מאל אבשפרינגען פון דער אויבערפלעכע]; טהאן עפעס אויף א נאכלעסיגען אופן, פאנאנדערווארפען, צושליידערען, אנמאכען אן אונארדנונג.

make ea'sy (מייק איע'־זי) בערוהי־גען.

make e'ven (מייק איווען) אויסגלייכען, סילוק'ען די חובות; ניט בלייבען שולדיג.

make fa'ces (מייק פיי'־סעז) מאכען מאוס'ע העויות.

make fast (מייק פעסט) צומא־כען [א טהיר]; אנציהען [א שטריק].

make fish (מייק פיש) רויכע־רען, זאלצען, אדער טריקענען פיש.

make flesh (מייק פלעש) קריגען פלייש אויף זיך; ווערען דיקער.

make for (מייק פאר) דיענען לטובת עפעס; זיין ניצליך.

make foul wa'ter (מייק פאול הוואה'–טער) שווימען אין פלאכען וואסער אזוי, אז דער דעק פון שיף רייבט זיך אן גרונד.

make free with (מייק פריע הוויטה) ערלויבען זיך פרייהייטען מיט עפעס; זיך האלטען פאמיליאר.

make fun of (מייק פאן אוו) זיך לוסטיג מאכען איבער אימעצען אדער עפעס; אבלאכען פון איינעם.

make'game *n.* (מייק'–גיים) א זאך וואס מען לאכט דערפון.

make game of (מייק גיים אוו) מאכען איינעם צו געלעכטער; אבשפאטען, אבלאכען.

make good (מייק גוד) גוט מאכען, ערפילען דאס ווארט, מקיים זיין א הבטחה; פעסטשטעלען א זאך, דערוויזען עפעס; בעזארגען מיט די נויטיגע בעדערפנישען; בעגיטיגען, אומקעהרען א היזק; פערטיידיגען א פלאץ, איינהאלטען איהם; פערווירקליכען עפעס, איינפיהרען אין לעבען, ווי אן אבמאך, א הבטחה א. ד. ג.

make haste (מייק הייסט) זיך איילען, מאכען שנעל.

make hay (מייק היי) צוגרייטען היי [שניידען און טריקענען גראז אלס פוטער פאר בהמות]; אנווארפען זאכען אין אונארדנונג.

make head against' (מייק העד ע–גענסט') ביישטעהן א זאך; געהן פארווערטס טראץ אלע שטערונגען; ענטגעגען שטעלען זיך מיט אלע קרעפטען; פעראייניגען זיך געגען עפעס אדער אימעצען.

make head'way (מייק העד'–הוויי) געהן פארווערטס, מאכען פארטשריט, פראגרעסירען.

make inqui'ries (מייק אין–קהוואי'–ריז) קלייבען ידיעות; זיך ערקינדיגען וועגען עפעס.

The neighbors **made inquiries** as to the condition of the patient.

make it one's busi'ness (מייק איט הוואנז ביז'–נעס) איבערגעבען זיך צו א זאך און זעהן אז זי זאל דורכגעפיהרט ווערען.

make known (מייק נאון) בעקאנט מאכען, מודיע זיין.

make light of (מייק לאיט אוו) מאכען עפעס צו גארנישט; אוועקמאכען מיט דער האנד.

make lit'tle of (מייק ליטל אוו) גרינגשעצען; מאכען עפעס פאר א קליינינקייט; ניט פערשטעהן די גאנצע בעדייטונג פון א זאך.

make love to (מייק לאוו טו) מאכען חן'דלעך, זיך ליעבען, ארויסצייגען ליעבע [אוכאזשעווען]; סטארען זיך ארויסצורופען איינעמס ליעבע.

make mer'ry (מייק מער'–אי) מאכען זיך יום-טוב'דיג, לוסטיג.

make mon'ey (מייק מאנ'–אי) פערדיענען געלד; רייך ווערען.

make more of (מייק מאור אוו) מאכען פון עפעס א גרויסען וועזען; האלטען פאר זעהר וויכטיג.

make much of (מייק מאטש אוו) ז. *make more of*

make no account' of (מייק נאו ע–קאונט' אוו) גרינגשעצען, ניט אכטען.

make no bones (מייק נאו באונז) ניט מאכען קיין וועזען פון עפעס; ניט מקפיד זיין, זיך ניט נעהמען שטארק צום הארצען פון עפעס.

He **made no bones** about receiving the present.

make no doubt (מייק נאו דאוט) ניט צווייפלען אין עפעס; זיין בעגלויבט.

make no mat'ter (מייק נאו מעט'–ער) ניט האבען קיין בעדייטונג; זיין אונוויכטיג.

make noth'ing of (מייק נאטה'–אינג אוו) האלטען פאר א קליינינקייט; ניט פערשטעהן די וויכטיגקייט פון א זאך; ניט בעקומען קיין בעפרידיגענדען רעזולטאט פון עפעס.

make oath (מייק אוטה) געבען א שבועה.

make off (מייק אף) פלוצים נעלם ווערען; ניט ווערען, אנטלויפען.

make off with (מייק אף הוויטה) אנטלויפען מיט...

make one's luck'y (מייק הוואנז לאק'–אי) אנטרינען, אנטלויפען.

make one's man'ners (מייק הוואנז מענ'–ערז) מאכען קניקסען, פערבויגען זיך [וועגען קינדער].

make one's mark (מייק הוואנז מארק) 1. מאכען א קרייץ אנשטאט חתמ'ענען דעם נאמען [וועגען מענשען וואס קענען ניט שרייבען]; 2. זיך אויסצייכענען; האבען אן איינפלוס.

2. Although still a young man, he has already **made** his **mark** in the world.

make one's mar'ket (מייק הוואנז מאר'–קעט) פערקויפען די גאנצע סחורה; חתונה האבען.

make one's pile (מייק הוואנז פאיל) ערווערבען א גרויסען רייכטום.

make one's self at home (מייק הוואנז סעלף עט האום) מאכען זיך ווי אין דער היים; פיהלען זיך געמיטליך, בעקוועם.

make one's way (מייק הוואנז הוויי) זיך דורכשלאגען; האבען ערפאלג.

make out (מייק אוט) 1. עפעס ארויסדרינגען, ערלערנען, פערשטעהן אדער אויסגעפינען; 2. זיך אנשטרענגען צו דערגרייכען; 3. פעסטשטעלען, דערוויזען, צווינגען צו אנערקענען עפעס; 4. אויסמאכען אדער דערפילען דאס וואס עס פעהלט; 5. אנשרייבען, צוגרייטען [א חשבון, א דאקומענט א. ד. ג.]; 6. אנגעהן אין עפעס; פראגרעסירען; האבען ערפאלג; 7. אויסציהען.

1. I can not **make out** the meaning of this passage. 2. Please **make out** to reach the place in time. 3. You would **make** him **out** to be a fool. 4. He was not able to **make out** the money.

make o'ver (מייק או'–ווער) 1. איבערמאכען, איבערבויען; 2. איבערגעבען דאס רעכט אויף עפעס.

2. He **made over** his estate to his nephew.

make'peace *n.* (מייק'–פיעס) א שלום-מאכער; א רודף-שלום.

make place (מייק פליים) מאכען פלאץ, לאזען א וועג.

make pub'lic (מייק פאב'–ליק) פערעפענטליכען, בעקאנט מאכען.

The text of the treaty was **made public** yesterday.

ma'ker *n.* (מיי'–קער) א מאכער, א בעשאפער; א פערפערטיגער; א ליעדער-מאכער, א פאעט; איינער וואס שרייבט זיך אונטער אונטער א פערפליכטונג. ז. *maker of a note*

Ma'ker *n.* (מיי'–קער) דער בעשאפער, דער רבונו של עולם.

make'-read'y *n.* (מייק'–רעד'–אי) אין דרוקעריי — דער בויגען פאפיער, אויף וועלכען עס זיינען אנגעקלעפט שטיקלעך פאפיער אדער קארטאן, וואס לעגען זיך אונטער פערשיעדענע ערטער פון דער דרוק-פלאטע, כדי דער דרוק זאל אומעטום ארויסגעהן גלייכמעסיג; די צוגרייטונג פון דרוק-זאץ צום דרוקען.

make read'y (מייק רעד'–אי) פארטיג מאכען, צוגרייטען.

ma'ker of a note (מיי'–קער אוו ע נאוט) איינער וואס שרייבט אונטער זיין נאמען אונטער א פערפפליכטונג צו בעצאהלען א געוויסע סומע אין א בעשטימטען סראק.

make room (מייק רוהם) מאכען פלאץ, מאכען א ווארע; אבטרעטען.

ma'ker-up' *n.* (מיי'–קער–אפ') אן אומברעכער [א שריפטזעצער וואס שטעלט אוים דעם זאץ אין שפאלטען אדער זייטען].

make sail (מייק סייל) אנציהען די זעגעל פון א שיף.

make'shift *n. and a.* (מייק'–שיפט) א צייטווייליגער מיטעל; וואס דיענט אלס צייטווייליגער מיטעל פאר עפעס.

The peace which was concluded was only a **makeshift**. There were no elements of permanency in it.

make shift (מייק שיפט) זיך מיט עפעס בעהעלפען; געפינען א מיטעל ווי צו טהאן אדער אויספיהרען א געוויסע זאך.

make sure (מייק שוהר) מאכען עפעס אויף זיכער; טהאן אויף געווים; האלטען פאר געווים.

make the best of (מייק טהי בעסט אוו) אויסנוצען עפעס אויף'ן בעסטען אופן; טהאן דאס בעסטע וואס מען קען.

make the feath'ers fly (מייק טהי פעטה'–ערז פלאי) מאכען א שטארקען אנפאל; ארויסרופען א שרעקליכען גערודער.

make the fur fly (מייק טהי פויר פלאי) אנמאכען א טומעל אדער א גערודער; ארויסצייגען א כעס; זיך כאפען שלאגען.

make the land (מייק טהי לענד) בעמערקען דעם ברעג, זיך דערנעהנטערען צו דער יבשה [וועגען א שיף].

make the most of (מייק טהי מאוסט אוו) טהאן דאס בעסטע אדער דאס מעגליכסטע וואס מען קען; ציהען דעם גרעסטען פראפיט פון עפעס.

make the place too hot (מייק טהי פליים טו האט) מאכען היים דעם באדען, מאכען פאר איינעם אונבעקוועם אדער אונמעגליך דארט צו בלייבען.

make the port (מייק טהי פאורט) דערגרייכען דעם האפען.

make things hum (מייק טהינגז האם) ארויסצייגען טהעטיגקייט אדער לעבען; מאכען אלעם ארום זאל זיך בעוועגען, זאל זיין טהעטיג.

make tracks (מייק טרעקס) אנטלויפען.

make'-up *n.* (מייק'–אפ) דער אופן ווי אזוי א זאך איז אויפגעמאכט אדער צוזאמענגעשטעלט; די בעארבייטונג פון אלע פרטים פון א זאך; אין דרוקעריי — דאס אומברעכען, דאס צוזאמענשטעלען די אויפגעזעצטע שריפט אין זייטען; דאס פערפערטיגען זיך פון אן אקטיאר פארצושטעלען א געוויסען כאראקטער.

make up (מייק אפ) צוזאמענשטעלען בעזונדערע טיילען; צוגעבען א בעשטימטע פארם אדער פאסאן דורך דער פעראייניגונג פון בעזונדערע טיילען; פאר-

מירען, צוגרייטען אדער אויסבילדען פון בעזונדערע עלעמענטען אדער טיילען; עפעס אויסטראכטען, פאבריצירען אין געדאנק; ערגענצען, דערפילען, מאכען פול; בעזארגען מיט אלץ וואס איז נויטווענדיג; אנגעהמען א בעשטימטע מינע אדער כאראקטער; גוט מאכען, בעגיטיגען; אויסגלייכען חשבונות; בעשטימען, קומען אדער בריינגען צו א בעשלום; רעכענען, האלטען פאר עפעס; בריינגען צו א שלום, אויסגלייכען; פערריכטען.

make up a defi'ciency (מייק אפ ע די-פיש'-ענ-סי) אבצאהלען דאס, וואס פעהלט; אבטהאן וואס מען האט פערפעהלט צו טהאן.

make up for (מייק אפ פאר) אויספילען דאס לעדיג=געווארענע ארט; פערנעהמען דעם פלאץ מיט עטוואס גלייכעס; אויספילען אדער גוט מאכען דאס פעהלענדע.

make up one's mind (מייק אפ הוואנז מאינד) זיך ענטשליסען, קומען צו א בעשלום.

make up one's mouth for (מייק אפ הוואנז מאוטה פאר) האבען אפעטיט צו עטוואס; ערווארטען מיט גרויס חשק.

make up to (מייק אפ טו) צו אימעצען צוגעהן; זיך צו אימעצען דערנעהנטערען.

make up with (מייק אפ הוויטה) זיך מיט אימעצען אייניגען; זיך מיט אימעצען אויסגלייכען.

make war (מייק הוואהר) בריינגען צו א קאנפליקט אדער מלחמה; אנפאלען, אטאקירען.

make wa'ter (מייק הוואה'-טער) אריינפליסען וואסער אין א שיף דורך א שפאלט; אבשלאגען וואסער [משתין זיין].

make way (מייק הוויי) פארווערטס קומען; מאכען פראגרעס; עפענען א דורכגאנג; מאכען א וועג.

make'weight *n.* (מייק'-הווייט) דאס וואס ווערט צוגעלעגט אויף א שאל צו מאכען גרעסער דאס געוויכט; א צולעג, א צוגאב צו דער וואג.

make words (מייק הווארדז) רעדען צופיעל.

mak'i *n.* (מעק'-אי) א מאקי, א לעמור [אזא האלב=אפען עהנליכע חיה]. ז. *Lemur*

ma'king *n.* (מיי'-קינג) דאס מאכען, דאס פערפערטיגען, קאנסטרוקציאן; דאס וואס איז געמאכט געווארען מיט אמאל; דער מאטעריאל, פון וועלכען עפעס איז געמאכט געווארען; הצלחה, די אורזאכען אדער מיטלען פון ערפאלג.

mal'achite *n.* (מעל'-ע-קאיט) מאלאכיט [א שטיין=ארטיגער מינעראל פון א גרינעם קאליר מיט שווארצע אדערען און פלעקען. פאלירט זיך זעהר לייכט און ווערט בענוצט צו מאכען פערשיעדענע זאכען, ווי וואזעס, קאנען, קאמינען, טישען א. ד. ג.].



Malachite

malacolog'ical *a.* (מעל-ע-קא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו מאלאקאלאגיע. ז. *malacology*

malacol'ogist *n.* (מעל-ע-קאל'-א-דזשיסט) א מאלאקאלאגיסט, דער מאלוסקען=קענער.

malacol'ogy *n.* (מעל-ע-קאל'-א-דזשי) מאלאקאלאגיע, די לעהרע וועגען מאלוסקען אדער ווייך=טהיערע.

maladdress' *n.* (מעל-ע-דרעס') אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט; גראבקייט אין רעדען אדער מאניערען; אונטאקטישקייט.

maladjust'ment *n.* (מעל-ע-דזשאסט'-מענט) א שלעכטע איינארדנונג; א שלעכטע צופאסונג.

maladministra'tion *n.* (מעל-עד-מינ-איס-טריי'-שאן) א שלעכטע אדמיניסטראציאן, שלעכטע פערוואלטונג.

maladroit' *a.* (מעל-ע-דראיט') אונגעשיקט, אונגעלומפערט.

maladroit'ly *adv.* (מעל-ע-דראיט'-לי) אויף אן אונגעשיקטען, אונגעלומפערטען שטייגער.

maladroit'ness *n.* (מעל-ע-דראיט'-נעס) אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט.

mal'ady *n.* (מעל'-ע-די) א קראנקהייט [הויפטזעכליך א כראנישע אדער געפעהרליכע].

ma'la fi'de (מיי'-לא פאי'-די) מיט א שלעכטער כונה; מיט א בייזער אבזיכט; שווינדלעריש, פעררעטהעריש, פערפיהרעריש.

Mal'aga *n.* (מעל'-ע-גא) מאלאגא [א פראווינץ אין שפאניען]; א וויין וואס ווערט פראדוצירט אין דיזער פראווינץ; די וויינטרויבען פון מאלאגא.

Malagas'y *a. and n.* (מעל-ע-געס'-אי) וואס איז שייך צום אינזעל מאדאגאסקאר [אין אפריקא] אדער צו זיינע איינוואהנער; איינער פון די שווארצע ראסען אדער שבטים וואס געפינען זיך אין מאדאגאסקאר; די שפראך פון די איינוואהנער פון מאדאגאסקאר.

mal'anders *n.* (מעל'-ען-דערז) א קניע=געשוויר אדער קרעץ [ביי פערד].

mal'apert *a. and n.* (מעל'-ע-פוירט) העזה'דיג, חוצפה'דיג, עזות'דיג; אן עזות=פנים, א העזה'ניק.

mal'apertly *adv.* (מעל'-ע-פוירט-לי) העזה'דיג, עזות'דיג; מעשה חוצפה'ניק.

mal'apertness *n.* (מעל'-ע-פוירט-נעס) עזות, העזה, חוצפה.

malappro'priate *v.* (מעל-ע-פראו'-פרי-אייט) פאלש געברויכען.

mal'apropism *n.* (מעל'-ע-פראפ-איזם) דאס פאלש געברויכען ווערטער צוליעב דעם פערלאנג צו רעדען מיט שעהנע מליצות; א פאלש=געברויכטעס ווארט.

malapropos' *a. and adv.* (מעל-עפ-רא-פאו') ניט געלעגענטליך, ניט פאסענד, ניט צו דער צייט, ניט אם פלאץ.

ma'lar *a.* (מיי'-לאר) וואס געהערט צו דער באק אדער צום באק=ביין.

mala'ria *n.* (מע-ליי'-רי-א) מאלאריע אדער זומפ=פיבער; אונגעזונדע, פערפעסטעטע לופט.

mala'rial *a.* (מע-ליי'-רי-על) וואס איז פעראורזאכט פון פערפעסטעטער לופט; וואס איז שייך צו מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

mala'rialist *n.* (מע-ליי'-רי-על-איסט) איינער וואס שטודירט מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

mala'rious *a.* (מע-ליי'-רי-אס) וואס ענטהאלט אדער רופט ארויס מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

malassimila'tion *n.* (מעל-ע-סימ-אי-ליי'-שאן) א שלעכטע פערדייאונג; א שלעכטע איבערקאכונג פון דעם שפייז אין מאגען.

ma'late *n.* (מיי'-לייט) עפעל=זויערע זאלץ.

mal'axage *n.* (מעל'-עק-סעדזש) דאס קנעטען ליים צו מאכען טעפ.

mal'axate *v.* (מעל'-עק-סייט) ווייך מאכען; קנעטען ביז עס ווערט ווייך [וועגען ליים].

mal'axator *n.* (מעל'-עק-סיי-טאר) א מאשין צונויפצומישען פערשיעדענע מאטעריאלען [ווי ביים מאכען וואפנע א. ד. ג.].

Malay' *n. and a.* (מע-ליי') אן איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען אדער פון דעם האלב=אינזעל מאלאקא; די שפראך פון דיעזע לענדער; א מין הוהן מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און א קורצען אראבגעבויגענעם עק; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען אדער זייער שפראך.

malconceived' *a.* (מעל-קאן-סיווד') שלעכט בעגריפען, פערשטאנען אדער געפלאנט.

malconforma'tion *n.* (מעל-קאן-פאר-מיי'-שאן) א שלעכטע אדער ניט ריכטיגע צוזאמענשטעלונג פון די בעזונדערע טיילען.

malconstruc'tion *n.* (מעל-קאן-סטראק'-שאן) א שלעכטער געבוי; א שלעכטע צוזאמענשטעלונג.

mal'content *a. and n.* (מעל'-קאן-טענט) אונצופריעדען; וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער פאליטישער אדער סאציאלער ארדנונג; אן אונצופריעדענער מענש; איינער וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

malconten'ted *a.* (מעל-קאן-טענ'-טעד) אונצופריעדען; וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער פאליטישער אדער סאציאלער ארדנונג.

malconten'tedly *adv.* (מעל-קאן-טענ'-טעד-לי) מיט אונצופריעדענהייט; אויף אן אונצופריעדענעם שטייגער.

malconten'tedness *n.* (מעל-קאן-טענ'-טעד-נעס) אונצופריעדענהייט.

malcontent'ly *adv.* (מעל-קאן-טענט'-לי) מיט אונצופריעדענהייט; ווי אן אונצופריעדענער מענש.

malcontent'ment *n.* (מעל-קאן-טענט'-מענט) אונצופריעדענהייט.

male *a. and n.* (מייל) מענליך, פון מענליכען געשלעכט; א מאנספערזאן; א זכר [פון מענשען און חיות].

male child (מייל טשאילד) א אינגעלע.

maledic'tion *n.* (מעל-אי-דיק'-שאן) דאס פערשילטען; א פלוך, א קללה.

maledic'tory *a.* (מעל-אי-דיק'-טא-רי) פערפלוכענד, פערשילטענד; וואס איז שייך צו א פלוך אדער קללה.

malefac'tion *n.* (מעל-אי-פעק'-שאן) רשעות, בייזקייט, שלעכטס; א פערברעכען.

mal'efactor *n.* (מעל'-אי-פעק-טאר) א רשע=מרושע; א פערברעכער.

mal'efactress *n.* (מעל'-אי-פעק-טרעס) א פערברעכערין, מרשעת.

malef'ic *a.* (מע-לעפ'-איק) בייזהאפט, שעדליך, וואס טהוט שלעכטס.

malef'icence *n.* (מע-לעפ'-אי-סענס) שלעכטסקייט, בייזקייט, די נייגונג צו טהאן שלעכטס.

malef'icent *a.* (מע-לעפ'-אי-סענט) וואס טהוט שלעכטס; וואס טהוט עפעס מיט א בייזער כונה.

male rimes (מייל ראימז) מענליכע גראמען [ווען נור די לעצטע זילבע גראמט

זיך, ווי אין די ווערטער "געזאגט" און "בעקלאגט"].

male screw (מייל סקרוה) א שרויף.

malev'olence *n.* (מע-לעוו'-א-לענס) דאס ווינשען שלעכטס; דאס זיין פון נאטור א שלעכטער; בייזוויליגקייט; פיינדזעליגקייט.

malev'olent *a.* (מע-לעוו'-א-לענט) בייזוויליג; וואס ווינשט שלעכטס; וואס איז פון נאטור א שלעכטער; פיינדזעליג.

malev'olently *adv.* (מע-לעוו'-א-לענט-לי) ווינשענדיג שלעכטס; פיינדזעליג; בייזוויליג.

malexecu'tion *n.* (מעל-עק-סי-קיו'-שאן) א שלעכטע אויספיהרונג פון עפעס; א שלעכטע אדמיניסטראציאן.

malfea'sance *n.* (מעל-פיע'-זענס) א שלעכטע טהאט, א בייזע טהאט.

malforma'tion *n.* (מעל-פאר-מיי'-שאן) אן אונרעגולערע אדער אוננארמאלע געשטאלט אדער פיגור; א מיסגעבורט.

malformed' *a.* (מעל-פארמד') שלעכט געבויט; וואס האט א מיאוס'ע פארם.

ma'lic *a.* (מיי'-ליק) וואס איז שייך צו עפעל; וואס בעקומט זיך פון עפעל-זאפט.

ma'lic ac'id (מיי'-ליק עס'-איד) עפעל-זויערע [א כעמישער שטאף וואס געפינט זיך אין דעם זאפט פון געוויסע פרוכט און פלאנצען].

mal'ice *n.* (מעל'-אים) בייזקייט, שלעכטסקייט, מוטוויליגקייט; האס, שנאה; שלעכטע אבזיכט.

mal'ice afore'thought (מעל'-אים ע-פאור'-טהאהט) א פארויס-בעטראכטע רשעות, א במזיד'יגע רשעות.

The crime was committed with malice aforethought.

mal'iceless *n.* (מעל'-אים-לעס) אהן רשעות; אהן א בייזער אבזיכט.

mal'ice prepense' (מעל'-אים פרי-פענס') ז. *malice aforethought*

mali'cious *a.* (מע-ליש'-אס) בייזהאפט, שלעכט, פיינדזעליג.

mali'ciously *adv.* (מע-ליש'-אס-לי) אויף א בייזהאפטען, שלעכטען אדער פיינדזעליגען אופן.

mali'cious mis'chief (מע-ליש'-אס מיס'-טשיף) דאס שעדיגען איינעמס אייגענטום מיט א בייזער אבזיכט.

mali'ciousness *n.* (מע-ליש'-אס-נעס) א בייזער ווילען; בייזהאפטיגקייט.

mali'cious prosecu'tion (מע-ליש'-אס פראס-אי-קיו'-שאן) אן ארעסט אדער קלאגע וואס איז געמאכט געווארען אויף א געזעצליכען אופן, אבער אהן א גרינדליכער אורזאכע; א פראצעס צו מאהנען ענטשעדיגונג פאר אזא ארעסט אדער קלאגע.

malign' *a. and v.* (מע-לאין') בייזהאפט, שלעכט, פיינדזעליג; שעדליך, פערדערבענד; רעדען לשון-הרע, טרייבען רכילות; מאכען איינעם א מיאוס'ען נאמען.

malig'nance *n.* (מע-ליג'-נענס) ז. *malignancy*

malig'nancy *n.* (מע-ליג'-נענ-סי) שלעכטסקייט, בייזקייט; דאס זיין שלעכט אדער בייזהאפט.

malig'nant *a. and n.* (מע-ליג'-נענט) 1. פיינדזעליג; בייזהאפט; שלעכט; בייזוויליג; געפעהרליך; סכנות'דיג; 2. א פיינדזעליגער אדער בייזוויליגער מענש.

1. He is suffering from a malignant growth in his stomach.

malig'nantly *adv.* (מע-ליג'-נענט-לי) אויף א פיינדזעליגען, בייזהאפטען שטייגער.

malign'er *n.* (מע-לאינ'-ער) א פערליימדער, א רכילות'ניק; איינער וואס רעדט שלעכטס אויף'ן אנדערען.

malig'nity *n.* (מע-ליג'-ני-טי) שלעכטסקייט, בייזקייט; פיינדזעליגקייט.

malign'ly *adv.* (מע-לאינ'-לי) אויף א בייזהאפטען, שלעכטען אדער פיינדזעליגען שטייגער.

malin'fluence *n.* (מעל-אינ'-פלו-ענס) א שלעכטע ווירקונג.

malin'ger *v.* (מע-לינ'-גער) מאכען זיך כלומר'שט קראנק [אום אויסצומיידען א פליכט אדער ארבייט].

malin'gerer *n.* (מע-לינ'-גער-ער) איינער וואס מאכט זיך כלומר'שט קראנק, כדי אויסצומיידען א פליכט.

malin'gery *n.* (מע-לינ'-גער-אי) דאס מאכען זיך כלומר'שט קראנק [ביי סאלדאטען וועלכע ווילען ניט טהאן זייער פליכט].

mal'ison *n.* (מעל'-אי-זאן) פלוך, פערשילטונג; א קללה.

mal'kin *n.* (מאהל'-קין) אן אויווען-בעזים, א פאמעלע; א סטראשידלע; א טשוטשעלע; א קיכען-דיענסט; א פראסטע פרוי; א פרוי א שלומפער; א קאץ.

mall *n. and v.* (מאהל) א שלעגעל, א שווערער הילצערנער האמער, א דובינע; א קלאפער, א מין האמער וואס ווערט בענוצט אין מלחמה; די גראבע זייט פון אזא האמער; א מין שפיעל מיט א הילצערנעם באל און האמער; אן אלעע, א שפאציער-וועג צווישען בוימער; א געריכטס-הויף; קלאפען אדער שלאגען מיט א שלעגעל.

mal'lard *n.* (מעל'-ארד) א ווילדע ענטעל [קאטשקע].

ז. איל. *"North American Game Birds"*

malleabil'ity *n.* (מעל-אי-ע-ביל'-אי-טי) שמיעדבארקייט [די אייגענשאפט פון א מעטאל זיך צו לאזען שמיעדען].

mal'leable *a.* (מעל'-אי-עבל) שמיעדבאר, וואס לאזט זיך שמיעדען; וואס לאזט זיך בויגען; וואס קען בעאיינפלוסט ווערען.

mal'leableness *n.* (מעל'-אי-עבל-נעס) ז. *malleability*

mal'leate *v.* (מעל'-אי-אייט) שמיעדען, האמערען, אויסקלאפען מיט א האמער.

mallea'tion *n.* (מעל-אי-איי'-שאן) דאס שמיעדען, דאס האמערען; אין פאטאלאגיע — א קאנוואולסיווע בעוועגונג פון די הענד, ווען זיי טרייסלען זיך גלייכמעסיג ווי עס קלאפט א האמער.

mal'lenders *n.* (מעל'-ען-דערז) ז. *malanders*

malle'olar *a.* (מעל-אי'-א-לאר) וואס איז שייך צום פוס-קנעבעל.

malle'olus *n.* (מע-לי'-א-לאס) א קנעבעל-ביינדעל; א צווייג וואס ווערט אויסגעבויגען און איינגעפלאנצט, בלייבענדיג ניט אבגעריסען פון'ם בוים.

Mallets

mal'let *n.* (מעל'-עט) א הילצערנער האמער.

mal'leus *n.* (מעל'-אי-אס) א קליין ביינדעל פון דעם מיטעלסטען אויער, וואס געפינט זיך נעבען דעם פויק-הייטעל.

mal'linders *n.* (מעל'-אינ-דערז) ז. *malanders*

mal'low *n.* (מעל'-או) די מאלווא [א גראז-ארטיגע פלאנצע מיט רויטליכע אדער ווייסע בלומען. וואקסט אין סערער און אויך אויף קופעם מיסט].

Mallow

malm *n. and a.* (מאהם) א ווייכער גרוי-ווייסער קאלך-שטיין; א ליימיגער בארען וואס ענטהאלט אין זיך קאלך; געמאכט פון גרוי-ווייסען קאלך-שטיין.

malm brick (מאהם בריק) א זארט געלבע ציעגעל [ווערט געמאכט פון ליימיגער ערד, וועלכע ענטהאלט אין זיך קאלך].

malm rock (מאהם ראק) א מין זאמד-שטיין [געפינט זיך אין גרויסע מאסען אין דרום-ענגלאנד].

malms *n.* (מאהמז) א זארט געלבע ציעגעל. ז. *malm brick*

malm'sey *n.* (מאהמ'-זי) מאלוואזיע [א זיסער, שטארקער און שמעקענדער געלבער אדער רויטער וויין. ווערט געמאכט אין גריכענלאנד און בעזאנדערס אין מאדיירא און אויף די אזארישע אינזלען].

malm'stone *n.* (מאהמ'-סטאון) ז. *malm rock*

mal'my *a.* (מאה'-מי) וואס בעשטעהט אדער וואס ענטהאלט אין זיך ווייכען גרוי-ווייסען קאלך-שטיין.

malnutri'tion *n.* (מעל-נו-טריש'-אן) שלעכטע נאהרונג.

malo'dor *n.* (מעל-או'-דאר) א שלעכטער גערוך; א געשטאנק.

malo'dorous *a.* (מעל-או'-דאר-אס) וואס האט א שלעכטען גערוך; שטינקענד.

malo'dorousness *n.* (מעל-או'-דאר-אס-נעס) שטינקעריי, דאס לאזען פון זיך א שלעכטען גערוך.

Ma'lo-Rus'sian *n.* (מיי'-לאו-ראש'-ען) מאלאראסיא, קליין-רוסלאנד [דער טייל פון רוסלאנד, וואס בעשטעהט פון פאלטאווער, כארקאווער און טשערניגאווער גובערניעס].

malposi'tion *n.* (מעל-פא-זיש'-אן) א שלעכטע אדער פאלשע שטעלונג.

malprac'tice *n.* (מעל-פרעק'-טיס) די האנדלונג געגען געזעץ אדער געגען די אנגענומענע רעגעלען; אונערלויבטע האנדלונג; דאס שלעכט היילען א קראנקהייט; א מעדיצינישער פערברעכען; א קרימינע-

לע אפעראציאן [אויף שוואנגערע פרויען].

malpracti’tioner *n.* (מעל-פּרעק-טיש’-אנ-ער) א דאקטאר וואס גיט אזעלכע רפואות, דאס דער חולה ווערט ערגער; א דאקטאר וואס בעגעהט א פערברעכען [ווי למשל, ארויסרופענדיג א פריהצייטיגע געבורט].

mal’stick *n.* (מאהל’-סטיק) ז. *mahlstick*

mal’strom *n.* (מייל’-סטראם) ז. *maelstrom*

malt *n., a. and v.* (מאהלט) מאלץ [די קערנער פון גערשטען אדער ווייץ א. ד. ג. וואס ווערען געווייקט אין וואסער, דערנאך געטריקענט און דיק צומאהלען. ווערט געברויכט אין מאכען ביער, בראנפען, קוואס א. ד.' ג.]; ליקער וואס בעקומט זיך פון מאלץ, ווי ביער, פארטער א. ד. ג.; וואס איז שייך צו מאלץ; וואס בעקומט זיך פון מאלץ; מאכען מאלץ; פערוואנדלען קערנער אין מאלץ; זיך פערוואנדלען אין מאלץ; טרינקען ליקער וואס בעקומט זיך פון מאלץ.

Maltese’ *a. and n.* (מאהל-טיעז’) וואס איז שייך צו מאלטא [אן אינזעל אין מיטעללענדישען ים]; אן איינוואהנער פון מאלטא; די שפראך וואס ווערט געברויכט אויף דעם אינזעל מאלטא [א געמישטע שפראך פון אראביש מיט איטאליעניש].

Maltese’ cat (מאהל-טיעז’ קעט) אזא קעצעל מיט לאנגע דינע האר.

Maltese’ cross (מאהל-טיעז’ קראהס) אן אכט=שפּיציגער קרייץ.

Maltese’ dog (מאהל-טיעז’ דאג) א קליין הינטעלע בעוואקסען מיט לאנגע ווייסע זייד=דינע האר.

Maltese Dogs

malt’-ex’tract *n.* (מאהלט’-עקס’-טרעקט) דער עקסטראקט פון ניט=פערזויערטע מאלץ [ווערט געברויכט אין מעדיצין].

malt’-floor *n.* (מאהלט’-פלאור) דער בארען אדער פאדלאגע, אויף וועלכער עס ווערט געטריקענט מאלץ. ז. *malt*

mal’tha *n.* (מעל’-טהא) מינעראל=פעך [א מין שווארצער צעמענט].

malt’-horse *n.* (מאהלט’-האהרס) א לאנגזאמער, שווערער פערד; א פערד וואס ארבייט אין א ברויעריי; א דומקאפ, א נאר, א פערדישער קאפ.

malt’-house *n.* (מאהלט’-האוס) א געביידע וואו מען מאכט מאלץ.

Malthu’sian *a. and n.* (מעל-טהיו’-סי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען עקאנאמיסט טאמאס מאלטוס אדער צו זיינע לעהרען; אן אנהענגער פון מאלטוס’עס לעהרען. ז. *Malthusianism*

Malthu’sianism *n.* (מעל-טהיו’-סי-ענ-איזם) מאלטוזיאניזם [די לעהרע פון’ם ענגלישען עקאנאמיסט טאמאס מאלטוס, אז די מענשליכע בעפעלקערונג וואקסט אלע מאל אין א פיעל גרעסערער פראפארציע איידער די אלגעמיינע סומע פון לעבענס=מיטלען. און ווייל די צאהל מענשען איז פיעל גרעסער איידער די צאהל פּראדוקטען, וואס מען בעקומט פון דער נאטור, דעריבער הערשט ארימקייט און אלע אנדערע צרות, פון וועלכע די געזעלשאפט ליידט. כדי צו פערמיידען דיעזע צרות, איז נויטיג, אז דער וואוקס פון דער בעפעלקערונג זאל ווערען פיעל קלענער, און צוליעב דעם מוזען מענשען אויפהערען פריה צו הייראטען און דארפען זיך סטארען, אז ביי זיי זאלען געבארען ווערען וואס וועניגער קינדער].

mal’ting *n.* (מאהל’-טינג) דאס מאכען מאלץ. ז. *malt*

malt’-kiln *n.* (מאהלט’-קיל) א ווארים אנגעהייצט צימער, וואו מען טריקענט מאלץ. ז. *malt*

malt’-mad *a.* (מאהלט’-מעד) שכור; אויסער’ן זינען צוליעב שכרות; שטארק איבערגעגעבען צום שכור’ען.

malt’man *n.* (מאהלט’-מען) א מאלץ=מאכער.

mal’tose *n.* (מאהל’-טאוס) מאלץ=צוקער.

maltreat’ *v.* (מעל-טריעט’) שלעכט בעהאנדלען, זיך שלעכט בעגעהן מיט אימעצען. The nurse maltreats the children.

maltreat’ment *n.* (מעל-טריעט’-מענט) שלעכטע בעהאנדלונג.

malt’ster *n.* (מאהלט’-סטער) א מאלץ=מאכער; א מאלץ=הענדלער.

malt’worm *n.* (מאהלט’-הווארם) א שכור, א פיאניצע.

mal’ty *a.* (מאהל’-טי) וואס איז שייך צו מאלץ; וואס בעשטעהט אדער בעקומט זיך פון מאלץ. ז. *malt*

ma’lum *n.* (מיי’-לאם) אין יוריספרודענץ — א שלעכטע טהאט, אן אונרעכט.

ma’lum in se (מיי’-לאם אין סי) א זאך וואס איז פערבאטען, ווייל זי איז אן און פיר=זיך אן אונרעכט געגען זיטליכקייט.

ma’lum prohib’itum (מיי’-לאם פרא-היב’-אי-טאם) א טהאט, וועלכע איז שלעכט נור דערפאר, ווייל עס איז פערבאטען פון געזעץ.

malva’ceous *a.* (מעל-וויי’-שיאס) וואס איז שייך צו די מאלווא=פלאנצען. ז. *mallow*

malversa’tion *n.* (מעל-ווער-סיי’-שאן) אונעהרליכע האנדלונג; דאס זיין א פערקויפטע נשמה; דאס דיענען אונגעטריי [ווי דורך נעהמען כאבאר א. ד. ג.].

mam *n.* (מעם) מוטער; מאדאם.

ma’ma *n.* (מא’-מא) מאמע, מוטער.

mam’aluke *n.* (מעמ’-ע-ליוק) ז. *mameluke*

mam’elon *n.* (מעמ’-ע-לאן) א רונד קליין בערגעל.

mam’eluke *n.* (מעמ’-ע-ליוק) א מאמעליוק, א שקלאף, מייסטענס א טשערקעס, וואס דיענט אין הויף פון א טערקישען אדער עגיפּטישען פּאשא.

Mam’eluke *n.* (מעמ’-ע-ליוק) איינער פון די מאמעליוקען אדער עגיפּטישע גווארדיע [אן ארט ארמעע, וועלכע איז אין מיטעלאלטער געוועזן דער הערשענדער עלעמענט פון עגיפּטען].

mam’ma *n.* (מא’-מא) א מוטער.

mam’ma *n.* (מעמ’-א) א ברוסט, א ציצקע; אן אייטער.

mam’mal *a. and n.* (מעמ’-על) וואס האט אן אייטער אדער בריסט; א זויג=טהיער.

Mamma’lia *n.* (מע-מיי’-ליא) דער מין זויג=טהיערע.

mamma’lian *a. and n.* (מע-מיי’-ליען) וואס איז שייך צו די זויג=טהיערע; א זויג=טהיער.

mammalif’erous *a.* (מעמ-ע-ליפ’-ע-ראס) אין געאלאגיע — וואס ענטהאלט איבערגעבליבענע טיילען פון זויג=טהיערע.

mammal’ogist *n.* (מע-מעל’-א-דזשיסט) א מאמאלאג, איינער וועלכער שטודירט זויג=טהיערע.

mammal’ogy *n.* (מע-מעל’-א-דזשי) מאמאלאגיע, די לעהרע איבער די זויג=טהיערע.

mam’mary *a.* (מעמ’-ע-רי) וואס געהערט צו די בריסט.

mam’mate *a.* (מעמ’-אייט) וואס האט בריסט.

mammee’ *n.* (מע-מיע’) דער אמעריקאנישער אפריקאזען=בוים; די אפריקאזע [די פרוכט פון דיעזען בוים]. ז. *apricot*

mam’mie *n.* (מעמ’-אי) ז. *mammy*

mam’mifer *n.* (מעמ’-אי-פער) א חיה פון קלאס זויג=טהיערע.

mammif’erous *a.* (מע-מיפ’-ע-ראס) מיט בריסט, וואס האט בריסט; וואס זויגט די קינדער.

mam’miform *a.* (מעמ’-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ברוסט.

mam’miformed *a.* (מעמ’-אי-פארמד) ז. *mammiform*

mammil’la *n.* (מע-מיל’-א) דער ברוסט=ווארצעל; א זאך וואס האט די פארם פון א ברוסט=ווארצעל.

mam’millar *a.* (מעמ’-אי-לאר) ז. *mammillary*

mam’millary *a.* (מעמ’-אי-לע-רי) ברוסט=פערמיג. ווי א ברוסט=ווארצעל, רונד=בערגעלדיג, גוזעוואטע.

mam’millate *v. and a.* (מעמ’-אי-לייט) מאכען ווי א ברוסט; וואס האט די פארם פון א ברוסט=ווארצעל; גוזעוואטע, בערגעלדיג.

mam’millated *a.* (מעמ’-אי-ליי-טעד) וואס האט די פארם פון א ברוסט=ווארצעל; וואס האט א ברוסט=פערמיגע צואוואקסונג.

mammilla’tion *n.* (מעמ-אי-ליי’-שאן) דאס האבען א ברוסט=פערמיגע צואוואקסונג אדער אנוואקסונגען.

mammil’liform *a.* (מע-מיל’-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ברוסט=ווארצעל.

mam’milloid *a.* (מעמ’-אי-לאיד) ז. *mammilliform*

mammi’tis *n.* (מע-מאי’-טיס) ענטצינדונג פון די בריסט.

mam’mock *v.* (מעמ’-אק) צורייסען אין שטיקער.

mam’modis *n.* (מעמ’-א-דיס) אזא זארט דיקער אינדישער מוסלין.

Mam’mon *n.* (מעמ’-אן) מאמאן, דער סירישער גאט פון רייכטום; די פערזאניפיקאציאן אדער פארשטעלונג פון וועלטליכע פערגניגענס אדער עולם=הזה=זאכען.

mam’mon *n.* (מעמ’-אן) ממון, געלד, עולם=הזה=זאכען.

mam’monish *a.* (מעמ’-אנ-איש) וואס איז איבערגעגעבען צום גאט מאמאן, געלדזיכטיג.

mam'monism *n.* (מעמ'-אנ-איזם) מאמאניזם, די איבערגעבענהייט צום גאט מאמאן; געלד=זיכטיגקייט; דאס יאגען זיך נאך רייכטום.

mam'monist *n.* (מעמ'-אנ-איסט) א רייכטום=זוכער; א פערעהרער פון דעם געלד=גאט.

mammonis'tic *a.* (מעמ-א-נים'-טיק) וואס איז שייך צו מאמאניזם. ז. *mammonism*.

mam'monite *n.* (מעמ'-אנ-איט) א דיענער פון גאט מאמאן; א מענש וואס האט אין זינען נור זאמלען געלד און רייכטום.

mammoniza'tion *n.* (מעמ-אנ-אי-זיי'-שאן) דאס ווערען אדער דאס זיין איבערגעגעבען צום גאט מאמאן; דאס יאגען זיך כסדר נאך געלד און עולם=הזה=זאכען.

mam'monize *v.* (מעמ'-אנ-איז) ווערען א דיענער פון גאט מאמאן; האבען איין איינציגען ציעל — זאמלען געלד.

mam'moth *n. and a.* (מעמ'-אטה) דער מאמאט אדער מאמאנט [א מין אוראלטער עלפאנט וועלכער עקזיסטירט ניט מעהר. מען געפינט נאך זיינע ביינער אין דער ערד]; זעהר גרויס, שרעקליך גרויס.

Mammoth

mam'moth tree (מעמ'-אטה טריע) דער מאמאנט=בוים [איינער פון די גרעסטע טאנען=בוימער וואס וואקסען אין קאליפארניע].

mam'my *n.* (מעמ'-אי) מאמעניו, מוטער; אין די דרום=שטאאטען פון אמעריקא — א נעגערשע אם אדער קינדער=אויפזעהערין [ביי ווייסע].

man *n. and v.* (מען) א מענש, א מאנספערזאן, א מאן; די מענשליכע ראסע, די מענשהייט; איינער; מענשליכקייט; א דיענער; א שאך=פיגור; בעזארגען אדער בעזעצען מיט מענשען אדער מיט א מאנשאפט; מאכען מענליך, מאכען מוטיג.

man about' town (מען ע-באוט' טאון) א לעבעמאן, א הולטאי, א רייכער פוסט און פאסניק.

man'acle *n. and v.* (מענ'-עקל) א האנדקייט, קאנדאלען; שמיערען די הענד, אנטהאן קאנדאלען אויף די הענד.

man'acles *n.* (מענ'-עקלז) האנד=קייטען, קאנדאלען.

man'age *v.* (מענ'-עדזש) פיהרען, אנפיהרען, לייטען, פערוואלטען, קאנטראלירען, האלטען אין צוים; דרעסירען, צוימען [חיות]; איינריכטען, איינארדנען; דורכפיהרען [עפעס].

manageabil'ity *n.* (מענ-עדזש-ע-ביל'-אי-טי) בעקוועמליכקייט און לייכטקייט אין אנגעהן מיט עפעס; די מעגליכקייט צו ווערען געפיהרט, קאנטראלירט אדער געצוימט; נאכגיעביגקייט, געהארכזאמקייט.

man'ageable *a.* (מענ'-עדזש-עבל) וואס מען קען דערמיט לייכט אנגעהן; וואס לאזט זיך לייטען, פיהרען, קאנטראלירען אדער צוימען; נאכגיעביג, געהארכזאם.
Her husband is very **manageable**.

man'ageableness *n.* (מענ'-עדזש-עבל-נעס) ז. *manageability*.

man'ageably *adv.* (מענ'-עדזש-ע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען לייכט אנגעהן מיט עפעס, פיהרען אדער קאנטראלירען עפעס; מיט געהארכזאמקייט, מיט נאכגיעביגקייט.

man'agement *n.* (מענ'-עדזש-מענט) 1. פערוואלטונג, פיהרונג, לייטונג, דירעקציאן, קאנטראל; 2. אומגאנג, בעהאנדלונג; די ארט און וייזע פון פיהרונג אדער איינארדנונג פון עפעס; 3. געשיקטקייט אין פיהרונג אדער איינארדנונג.
1. The **management** of this hotel is very good. 2. The failure of the undertaking was due to poor **management**.

man'ager *n.* (מענ'-ע-דזשער) א פערוואלטער, א פיהרער, אן אויפזעהער; א דירעקטאר; איינער וואס פלאנעוועט, אן אינטריגאנט.

manage'rial *a.* (מענ-ע-דזשי'-רי-על) וואס איז שייך צו א פערוואלטונג אדער דירעקציאן [הויפטזעכליך א טעאטער=דירעקציאן].

man'agership *n.* (מענ'-עדזש-ער-שיפ) דירעקציאן, פערוואלטונג, לייטונג.

man'aging *n. and a.* (מענ'-עדזש-אינג) דירעקציאן, פערוואלטונג, לייטונג; לייטענד, פערוואלטענד, קאנטראלירענד; שפארזאם; פלאנעווענדיג, אינטריגירענד.

man'aging direc'tor (מענ'-עדזש-אינג די-רעק'-טאר) דער הויפט=פערוואלטער, דער הויפט=בעל=הבית פון א געשעפט.

man'akin *n.* (מענ'-ע-קין) ז. *manikin*.

man alive'! (מען ע-לאיוו') אום גאטעס ווילען! [אן אויסרוף פון ערשטוינונג אדער פראטעסט].

man'-ape *n.* (מענ'-אייפ) די מענשען=עהנליכע אפע [די שימפאנזע, די גארילא, דער אראנג=אוטאנג און דער גיבאן].

man'-at-arms *n.* (מענ'-עט-ארמז) א סאלדאט; א שווער=בעוואפענטער סאלדאט [אין מיטעלאלטער].

manatee' *n.* (מענ-ע-טיע') די ים=קוה [אזא זויגענדע ים=חיה].

Manatee

man'atin *n.* (מענ'-ע-טין) ז. *manatee*.

manav'elins *n.* (מע-נעוו'-ע-לינז) עקסטרא שפייזען, פערשיעדענע ביי=שפייזען [אין דער מאטראזען=שפראך].

man'-car *n.* (מענ'-קאר) א מין וואגאן, מיט וועלכען מען לאזט ארונטער און מען ברייננגט ארויף ארבייטער אין משופע'דיגע שאכטען [קויהלען=גרובען אדער מעטאל=גרובען].

manch *n.* (מענטש) דער האלז פון א פידעל, גיטאר אדער עהנליכען אינסטרומענט.

manche *n.* (מענטש) ז. *manch*.

man'chet *n. and a.* (מענ'-טשעט) ברויט געמאכט פון בעסטען ווייצען=מעהל; פון בעסטען ווייצען=מעהל.

manchette' *n.* (מאנ-שעט') א מאנזשעט.

man'-child *n.* (מענ'-טשאילד) א אינגעל [בן זכר].

manchineel' *n.* (מענ-טשי-ניעל') דער מאנצאנילא=בוים [וואקסט אין די הייסע טיילען פון אמעריקא, ענטהאלט א מילך=עהנליכען גיפטיגען זאפט, די פרוכט פון דעם בוים איז עהנליך צו אן עפעל].

Manchineel

Manchoo' *n. and a.* (מענ-טשוה') ז. *Manchu*.

Manchoo'rian *a.* (מענ-טשוה'-רי-ען) ז. *Manchurian*.

Manchu' *n. and a.* (מענ-טשוה') א מאנדזשו [איינער פון דעם מאנדזשו=פאלק, וואס האט בעזיעגט כינא אין 17טען יאהרהונדערט און וועמעס נאמען עס טראגט די כינעזישע פראווינץ מאנדזשוריע]; די מאנדזשו=שפראך; וואס איז שייך צו די מאנדזשוס, צו זייער לאנד אדער שפראך.

Manchu'rian *a.* (מענ-טשוה'-רי-ען) מאנדזשוריש, וואס איז שייך צו מאנדזשוריע. ז. *Manchu*.

mancipa'tion *n.* (מענ-סי-פיי'-שאן) א פארמאליטעט ביים איבערגעבען געקויפטעם גרונד=אייגענטום; א פארמאליטעט, דורך וועלכער א פאטער האט בעפרייט אדער געמאכט זעלבסטשטענדיג א זוהן [אין פארצייטיגען רוים].

man'cipatory *a.* (מענ'-סי-פע-טא-רי) וואס איז שייך צו דער פארמאליטעט פון איבערגעבען געקויפטעם גרונד=אייגענטום אדער פון מאכען זעלבסטשטענדיג א זוהן [אין פארצייטיגען רוים].

man'ciple *n.* (מענ'-סיפל) א הויז=האלטער, א פראוויאנט=צושטעלער [הויפטזעכליך פון א לעהר=אנשטאלט].

man'cus *n.* (מענ'-קאס) אן אלטע אנגלא=זאקסישע מטבע [ווערטה לערך 61 סענט].

manda'mus *n. and v.* (מענ-דיי'-מאס) א געשריבענער בעפעהל פון א העכערען געריכט [צו א נידריגערען געריכט, צו א פערזאן, קערפערשאפט א. ז. וו.]; ארויסגעבען אזא בעפעהל, דערלאנגען אזא בעפעהל.

mandarin' *n., a. and v.* (מענ-דע-רין') א מאנדארין [א כינעזישער בעאמטער]; וואס איז שייך אדער וואס פאסט פאר א מאנדארין: עדעל, נאבעל; דאס כינעזישע ענטעל [א קליין ענטעל מיט פערשיעדענפארביגע שהענע פעדערען]; יאפאנעזישע פארצעליי מיט פיגורען [הויפטזעכליך פון מאנדארינען]; מאנדארין=פארב [אזא העלע רויטליך=אראנזשעווע פארב]; פארבען אין מאנדארין=פארב.

Mandarin' *n.* (מענ-דע-רין') די אלגעמיין=אנגענומענע כינעזישע שפראך [אין געגענזאץ צו די פערשיעדענע דיאלעקטען].

mandari'nate *n.* (מענ-דע-רי'-נייט) דאס אמט, די מאכט אדער די ווירדע פון א מאנדארין [כינעזישען בעאמטען]; דער מאנדארינען=קלאס; א טייל פון לאנד אונטער דער פערוואלטונג פון א מאנדארין.

mandarin' duck (מענ-דע-רין' דאק) דאס כינעזישע ענטעל [א קליין ענטעל מיט פערשיעדענפארביגע פעדערען].

mandarin'ic *a.* (מענ-דע-רינ'-איק)

וואס איז שייך צו א מאנדארין, וואס פאסט פאר א מאנדארין [א כינעזישער בעאמטער].

mandarin'ism *n.* (מענ-דע-רינ'-איזם) דער כאראקטער אדער די מנהגים פון מאנדארינען [כינעזישע בעאמטע]; מאנדארינען-הערשאפט.

man'datary *n.* (מענ'-דע-טע-רי) א מאנדאטאר, אן אפעקון. ז. *mandatory*.

man'date *n.* (מענ'-דייט) א מאנדאט, א בעפעהל, א בעפאלמעכטיגונג צו ווערען אפעקון איבער איינגענטום.

manda'tor *n.* (מענ-דיי'-טאר) א מאנדאנט, איינער וואס גיט איבער א צווייטען צו זיין אן אפעקון איבער זיין פערמעגען, א בעפאלמעכטיגער, א בעפעהל-געבער.

man'datory *n. and a.* (מענ'-דע-טא-רי) איינער וואס האט געקראגען א מאנדאט, בעפעהל אדער פארשריפט; א מאנדאטאר, אן אפעקון איבער איינגענטום; בעפעהלענד, ענטהאלטענד א פארשריפט, וואס האט דעם כאראקטער פון א פארשריפט.

Some laws are permissive, others are mandatory in character.

man'delstone *n.* (מענ'-דעל-סטאון) דער מאנדעלשטיין [אזא הארטער שטיין].

man'dible *n.* (מענ'-דיבל) א קינבאק; דער אונטערשטער קינבאק [ביי אינזעקטען].

mandib'ular *a.* (מענ-דיב'-יו-לאר) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א קינביין.

man'dlestone *n.* (מענ'דל-סטאון) ז. *mandelstone*.

mando'la *n.* (מענ-דאו'-לא) א מאנדאלע [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס ווי א מאנדאלינע, נאר פון א גרעסערען פארמאט].



Mandolin

man'dolin *n.* (מענ'-דא-לין) א מאנדאלינע [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס].

man'doline *n.* (מענ'-דא-לין) ז. *mandolin*.

mando'ra *n.* (מענ-דאו'-רא) ז. *mandola*.

mandore' *n.* (מענ-דאור') ז. *mandola*.

man'drake *n.* (מענ'-דרייק) די צויבער-פלאנצע [אזא גיפטיגע פלאנצע, וואס פלעגט אמאל פיעל געברויכט ווערען אין מעדיצין, הויפטזעכליך אלס איינשלעפערונגס-מיטעל. זי איז אויך געברויכט געווארען פון פאלק אלס קמיע, אלס מיטעל ארויסצורופען ליעבע].



Mandrake

man'drel *n. and v.* (מענ'-דרעל) א דרעה-באנק-שפינדעל [א רונד אייזענדעל ביי א טאק-מאשין צו בעפעסטיגען דעם געגענשטאנד, וואס דארף געטאקט ווערען]; געברויכען א דרעה-באנק-שפינדעל.

man'drill *n.* (מענ'-דריל) א מאנדריל, א גרויסער וועסט-אפריקאנישער באבון [אזא אפע]; א דרעה-באנק-שפינדעל. ז. *mandrel*.

Mandrill

man'ducable *a.* (מענ'-דיו-קעבל) עסבאר, וואס מען קען עסען; וואס מען קען קייען.

man'ducate *v.* (מענ'-דיו-קייט) קייען, עסען.

manduca'tion *n.* (מענ-דיו-קיי'-שאן) דאס קייען, דאס עסען.

man'ducatory *a.* (מענ'-דיו-קיי-טא-רי) געברויכט צום בייסען אדער קייען [וועגען קערפער-גליעדער]; וואס קען קייען אדער בייסען [וועגען אינזעקטען].

mane *n.* (מיין) א גריווע [די לאנגע האר ארום דעם האלז פון טהיערע].

man'-ea'ter *n.* (מענ'-איע'-טער) א מענשען-פרעסער: א טיגער וואס האט א בעזונדערע נייגונג צו פרעסען מענשען: א געוויסער מין האיפיש.

maned *a.* (מיינד) מיט א גריווע.

manège' *n. and v.* (מע-נייזש') א מאנעזש [וואו מען לערענט פערד אדער וואו מען לערענט רייטען]; א רייט-שולע, א רייט-פלאץ; א מושטיר-פלאץ; די רייט-קונסט; צוימען פערד, לערנען פערד.

mane'less *a.* (מיינ'-לעס) אהן א גריווע.

man'-en'gine *n.* (מענ'-ענ'-דזשין) אזא הויב-מאשין אין טיעפע שאכטען [פאר די ארבייטער].

ma'nent (מיי'-נענט) זיי בלייבען [אן אויסדרוק אין א דראמאטישען ווערק וואס בעצייכענט, אז די אקטיארען בלייבען אויף דער ביהנע].

ma'nes *n.* (מיי'-ניז) די פערגעטערטע נשמות פון טויטע [ביי די פארצייטיגע רוימער]; די גייסטער-וועלט; גהינום-פייניגונגען.

ma'net (מיי'-נעט) ער בלייבט, זי בלייבט [אן אויסדרוק אין א דראמאטישען ווערק, צו בעצייכנען, אז דער אקטיאר אדער אקטריסע בלייבט אויף דער ביהנע].

maneu'ver *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*.

maneu'vre *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*.

Man Fri'day (מען פראי'-דיי) אן איבערגעבענער דיענער, אן איבערגעבענער נאכפאלגער [ווי עס איז געוועזען דער ווילדער, וועלכען ראבינזאן קרוזא האט געפונען אויף'ן פערזוארפענעם אינזעל און וועלכען ער האט גערופען פרייטאג, ווייל ער האט איהם געפונען אום פרייטאג].

man'ful *a.* (מענ'-פול) מענליך, מוטיג.

The candidate took a **manful** stand in his reply to his critics.

man'fully *adv.* (מענ'-פול-אי) ווי א מאן; מיט מוטה.

man'fulness *n.* (מענ'-פול-נעס) מענליכקייט, מוטיגקייט.

man'gabey *n.* (מענ'-גע-ביי) אזא מאדאגאסקארער אפע.

man'ganate *n.* (מענ'-גע-נייט) מאנגאן-זויער זאלץ.

mangane'sate *n.* (מענ-גע-ני'-סייט) ז. *manganate*.

manganese' *n.* (מענ-גע-ניעס') מאנגאן אדער ברוינשטיין [אזא מינעראל].

mangane'sian *a.* (מענ-גע-ני'-סי-ען) וואס איז שייך צו מאנגאן אדער ברוינשטיין [אזא מינעראל]; וואס ענטהאלט מאנגאן.

mangan'ic *a.* (מענ-גענ'-איק) וואס איז שייך צו מאנגאן אדער ברוינשטיין [אזא מינעראל].

mangan'ic ac'id (מענ-גענ'-איק עס'-איד) מאנגאן-זויערע [אזא כעמישער שטאף].

mang'corn *n.* (מענג'-קאהרן) מענגקארן [א געמיש פון פערשיעדענע תבואות].

mange *n.* (מיינדזש) קרעץ, פארך-קרעץ [ביי חיות].

man'gel-wur'zel *n.* (מענ'גל-הוואיר'צל) דער מאנגאלד-ווארצעל [א מין בורעק].

man'ger *n.* (מיינ'-דזשער) א קארעטע: דער שאפהאק [דאס ארט אויף דעם הינטערשטען טייל פון א שיף, וואס האלט צוריק דאס וואסער, וואס קומט אריין דורך די שטריק-לעכער].

man'giness *n.* (מיינ'-דזשי-נעס) קרעציגקייט; פארכיגקייט [ביי חיות]; שארםטיגקייט.

man'gle *v. and n.* (מענגל) 1. צורייסען, צוברעכען, צושניידען, צוהאקען; צושטערען, קאליע מאכען: 2. וועלגערען, מאנגלען [וועש]; א מאנגעל-האלץ, א וואלגער-האלץ. א וואליק.

1. The machine **mangled** the workingman's hand. 2. Some linen need only be **mangled**, but not ironed.

man'gler *n.* (מענ'-גלער) איינער וואס צושניידט אדער צורייסט: א פערדארבער; איינער וואס מאכט קאליע; א וועלגערער, א מאנגלער [וואס וועלגערט וועש]; א פלייש-מיהלכעל; א מאשינקע צו האקען פלייש.

man'go *n.* (מענ'-גאו) דער מאנגא-בוים [וואקסט אין אינדיען]; די מאנגא [די פרוכט פון דיעזען בוים].



Mango

man'go-fish *n.* (מענ'-גאָו-פיש) דער מאַנגאָ-פיש [אין וועסט-אינדיען, איז ניט גרויס און איז פון גאָלד-קאָליר].

man'gold *n.* (מענ'-גאָולד) ז. ***mangel-wurzel***

man'gold-wur'zel *n.* (מענ'-גאָולד-הוואיר'צל) ז. ***mangel-wurzel***

man'gonel *n.* (מענ'-גאַ-נעל) אַ פאַרצייטיגע קריעגס-מאַשין צו וואַרפען שטיינער.

man'gostan *n.* (מענ'-גאַ-סטען) ז. ***mangosteen***

man'gosteen *n.* (מענ'-גאַ-סטין) דער מאַנגאָסטאַנאַ-בוים [אַ אינדישער בוים] אָדער די פרוכט פון דיעזען בוים.

man'go-tree *n.* (מענ'-גאָו-טריע) דער מאַנגאָ-בוים. ז. ***mango***

man'grove *n.* (מענ'-גראָוו) דער מאַנגלע-בוים אָדער ווארצעל-בוים [אַ קליינער בוים וואָס וואַקסט אין בלאָטיגע געגענדען אין וועסט-אינדיען און אין די וואַרימע געגענדען פון אַמעריקאַ. די קאָרע ווערט געברויכט צו גאַרבען לעדער און אויך אין מעדיציין].



Mangrove

man'grove-cuck'oo *n.* (מענ'-גראָוו-קוק'-אוה) אַן אַמעריקאַנער קוקוק-פויגעל וואָס האַלט זיך אין די ווארצעלבוימער-וועלדער. ז. ***mangrove***

man'gy *a.* (מיינ'-דזשי) פאַרקרעציג, פאַרכיג; שאַרסטקע.

manha'den *n.* (מענ-היי'דן) ז. ***menhaden***

man'handle *v.* (מענ'-הענדל) בעהאַנדלען מיט מענשליכער קראַפט, אָהן דער הילף פון מאַשינען, אינסטרומענטען א. ז. וו. [אויף שיפען]; גראָב בעהאַנדלען, וואַרפען און שליידערען [אימעצען].

man'-ha'ter *n.* (מענ'-היי'-טער) אַ מענשען-האַסער, אַ מיזאַנטראָפ.

man'-ha'ting *n. and a.* (מענ'-היי'-טינג) מענשען-האַס, מיזאַנטראָפיע; מענשען-האַסענד, מיזאַנטראָפיש.

man'heim *n.* (מענ'-האַים) מאַנהיימער גאָלד אָדער סימילאָר [פון קופער און צין].

man'hole *n.* (מענ'-האָול) דאָס ריינגונגס-לאָך [אַ לאָך אין אַ מאַשין, רינע א. ז. וו., דורך וועלכען אַ מענש קען דורכגעהן עס צו רייניגען]; אַ קורצער דורכגאַנג אין קויהלען-גרובען; אַ פאַרטיעפונג אין דער וואַנד פון אַ טונעל.

man'hood *n.* (מענ'-הוד) מענשליכקייט; מענליכקייט, דאָס זיין אַ מאַן; מענליכער אַלטער; מוטיגקייט.

man'hood suf'frage (מענ'-הוד סאַפ'-רעדזש) דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט [פאַר יעדען פול-יעהריגען מאַן].

ma'nia *n.* (מיי'-ני-אַ) מאַניע, משוגעת, וואַהנזין; משוגע'נער צאָרן; אַ משוגע'נע איינבילדונג; אַ משוגע'נע לוסט צו עפּעס; אַ משוגע'נע פּערקאַכטקייט אין עפּעס.

ma'niac *n. and a.* (מיי'-ני-עק) אַ מאַניאַק, אַ משוגע'נער, אַ וואַהנזיניגער; משוגע, וואַהנזיניג.

mani'acal *a.* (מע-נאַי'-ע-קעל) משוגע, וואַהנזיניג.

Manichæ'an *a. and n.* (מענ-אי-קיע'-ען) ז. ***Manichean***

Man'ichæism *n.* (מענ'-אי-קיע-איזם) ז. ***Manicheism***

Maniche'an *a. and n.* (מענ-אי-קיע'-ען) מאַניכייאיש, וואָס איז שייך צו דער מאַניכייער סעקטע; אַ מאַניכייער. ז. ***Manicheism***

Maniche'anism *n.* (מענ-אי-קיע'-ען-איזם) ז. ***Manicheism***

Man'ichee *n.* (מענ'-אי-קיע) אַ מאַניכייער. ז. ***Manicheism***

Man'icheism *n.* (מענ'-אי-קיע-איזם) מאַניכייאיזם [די רעליגיעזע לעהרע פון מאַני, מאַנעס אָדער מאַניכייאוס, אַ פערזיער, וואָס האָט געלעבט אין דריטען יאָהרהונדערט. די לעהרע איז געווען אַ מישמאַש פון בודיזם, קריסטענטום און אַנדערע רעליגיאָנען. זי האָט אַנערקענט גוטע און שלעכטע געטער און אַ קאַמפּף צווישען ליכט און פינסטערניש. לויט דיעזער לעהרע איז דער מענשליכער קערפער דער פּראָדוקט פון פינסטערע כחות און די נשמה, וועלכע קומט פון קעניגרייך פון ליכט, פיהרט אימער אַ קאַמפּף מיט'ן קערפער. די מאַניכייער האָבען דעריבער געהאַלטען פון זעלבסט-פּייניגונגען. פון פערזיען האָט זיך דער מאַניכייאיזם פערשפּרייט אין רוים און האָט אויך געפונען אנהענגער צווישען אידען. די מאַניכייער סעקטע האָט עקזיסטירט ביז'ן זיבענטען יאָהרהונדערט].

man'ichord *n.* (מענ'-אי-קאָהרד) אַ מאַניקאָרדיום [אַ מין מוזיקאַלישער אינסטרומענט].

man'icure *n. and v.* (מענ'-אי-קיור) מאַניקיור, הענד און נעגעל-פּוצונג; אַ הענד און נעגעל-פּוצער; זיך בעשעפטיגען מיט הענד און נעגעל-פּוצונג.

man'icurist *n.* (מענ'-אי-קיור-איסט) אַ הענד און נעגעל-פּוצער.

man'ifest *a., n. and v.* (מענ'-אי-פעסט) אָפענבאַר, קלאָר, אויגענשיינליך; אַ לאַדונגס-מאַניפעסט, אַ לאַדונגס-פערצייכניס [וואָס אַ שיפס-קאַפּיטאַן שטעלט צו די צאָל-בעאַמטע]; מאַכען אָדער ארויסצייגען קלאָר, אָפענבאַר אָדער אויגענשיינליך.

man'ifestable *a.* (מענ'-אי-פעס-טעבל) וואָס קען געמאַכט ווערען אָפענבאַר, קלאָר אָדער אויגענשיינליך.

manifesta'tion *n.* (מענ-אי-פעס-טיי'-שאַן) אַ מאַניפעסטאַציאָן, אַן ארויסצייגונג, אַן ענטפּלעקונג, אַן אָפענבאַרונג.

man'ifest des'tiny (מענ'-אי-פעסט דעס'-טי-ני) עטוואָס וואָס איז קלאָר, אַז עס מוז פּאַסירען, וואָס מען קען פאָרויסזעהן און וואָס איז אונפערמיידליך.

It was **manifest destiny** that slavery would be abolished in America.

man'ifestible *a.* (מענ'-אי-פעס-טיבל) ז. ***manifestable***

man'ifestly *adv.* (מענ'-אי-פעסט-לי) אויף אַ קלאָרען, אָפענבאַרען אָדער אויגענשיינליכען אופן.

It is **manifestly** impossible to cover the subject in one lecture.

man'ifestness *n.* (מענ'-אי-פעסט-נעס) אויגענשיינליכקייט, קלאָרקייט, דייטליכקייט.

manifes'to *n. and v.* (מענ-אי-פעס'-טאָו) אַ מאַניפעסט, אַן עפענטליכע ערקלערונג [הויפּטזעכליך פון אַ הערשער אָדער פון אַ רעגיערונג]; ארויסלאָזען אַ מאַניפעסט.

man'ifold *a., adv., n. and v.* (מענ'-אי-פאָולד) פיעלפאַכיג; פערשיעדענאַרטיג; פיעלפאַך; אַ פיעלפאַכיגע זאַך; אַ קאָפּיע פון אַ העקטאָגראַף אָדער אַנדער אַפּאַראַט צו קאָפּירען שריפטען; אַ רעהר מיט מעהרערע לעכער אַריינצופּאַסען אין איהם אַנדערע רעהרען; אין דער קאַנטישער פילאָזאָפיע — דער סך הכל פון אַ רייהע ערפאַהרונגען וועלכע זיינען אויפגענומען אַלס איינדריקע פון די חושים, אָבער זיי זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט און בעאַרבייט פון פערשטאַנד; אין מאַטעמאַטיק — אַ קלאַס, אַן אַגרעגאַט, אַ צאָהל אָביעקטען וועלכע זיינען געבראַכט אונטער איין סיסטעם; פערפיעלפאַכען; מאַכען מעהרערע קאָפּיעס פון איין זאַך [ווי פון אַ בריעף, אַ דאָקומענט א. ד. ג.].

man'ifolder *n.* (מענ'-אי-פאָול-דער) אַ העקטאָגראַף [אָדער אַן אַנדער עהנליכע פאָרריכטונג צו מאַכען מעהרערע קאָפּיעס]; איינער וואָס מאַכט מעהרערע קאָפּיעס מיט דער הילף פון אַ העקטאָגראַף. ז. ***hectograph***

man'ifoldly *adv.* (מענ'-אי-פאָולד-לי) מיט פיעלפאַכיגקייט.

man'ifoldness *n.* (מענ'-אי-פאָולד-נעס) פיעלפאַכיגקייט; פערשיעדענאַרטיגקייט; אין מאַטעמאַטיק — די צאָהל פון די פערשיעדענע פּרימער-צאָהלען וואָס אַ געוויסע צאָהל ענטהאַלט אין זיך [צ. ב. די צאָהל פּרימערע צאָהלען אין דער צאָהל 15 זיינען דריי, ד. ה. 5, 3, 1, ווייל דיעזע צאָהלען קענען געטיילט ווערען נור אויף זיך אַליין און דורך זיי קען געטיילט ווערען די צאָהל 15]; אַן אַגרעגאַט, אַ געזאַמטהייט, אַן אַלגעמיינער בעגריף פון אַ מאַטעמאַטישער גרעסע וואָס שליסט איין אין זיך פערשיעדענע ספּעציעלע בעגריפען, צ. ב. רוים אָדער פּלאַץ איז אַן אַגרעגאַט אָדער געזאַמטהייט פון אַלע פּונקטען וואָס זיינען אין איהם ענטהאַלטען.

man'ifold-pa'per *n.* (מענ'-אי-פאָולד-פּיי'-פּער) העקטאָגראַף-פּאַפּיער. ז. ***hectograph***

man'ifold-wri'ter *n.* (מענ'-אי-פאָולד-ראַי'-טער) אַ העקטאָגראַף. ז. ***hectograph***

man'iform *a.* (מענ'-אי-פאָרם) האַנד-פאָרמיג.

manigl'ion *n.* (מע-ניל'-יאָן) אַזאַ הענקעל ביי האַרמאַטען פון אַלטען טיפּ.

man'ihot *n.* (מענ'-אי-האָט) ז. ***manioc***

man'ikin *n.* (מענ'-אי-קין) אַ קאַרליק, אַ צווערג, אַ קליין מענשעלע; אַ מאָדעל פון אַ מענשליכער פיגור.

Manil'a *n.* (מע-ניל'-אַ) די מאַנילאַ, די הויפּט-שטאָדט פון די פיליפּינישע אינזלען.

manil'a *n.* (מע-ניל'-אַ) אַ מאַנילער ציגאַר [אַזאַ זאָרט ציגאַר וואָס ווערט פּאַבריצירט אין מאַנילאַ, די הויפּט-שטאָדט פון די פיליפּינישע אינזלען]; מאַנילאַ-האַנף, מאַנילאַ-קאַנאַפּליע [אַזאַ גראָז וואָס וואַקסט אויף די פיליפּינען].

manil'a pa'per (מע-ניל'-אַ פּיי'-פּער) מאַנילאַ-פּאַפּיער [אַזאַ זאָרט שטאַרקעס, ברוינליכעס פּאַפּיער].

manil'io *n.* (מע-ניל'-יאָו) אַ מין אָרם-באַנד אָדער בראַסלעט וואָס ווערט געטראָגען פון די ווילדע אין אַפריקאַ.

manil'la *n.* (מע-ניל'-אַ) אַ מעטאַלענער אָרם-באַנד אָדער בראַסלעט וואָס ווערט געטראָגען פון געוויסע שבטים אין וועסט-אַפריקאַ און ווערט בענוצט פון זיי אַלס.

געלד; איז פֿערשיעדענע קארטען-שפּי-לען — דער צווייטער בעסטער טרומף.

man in the moon (מען אין טהי מוהן) דאס מענשליכע געזיכט, וואס מען זעהט, ווי עס שיינט, אין דער לבנה.

man'ioc *n.* (מענ'-אי-אק) די קאסאווע פּלאנצע אדער מאניאק; די פּראדוקטען פֿון דער קאסאווע פּלאנצע [א נאהרהאפֿטע פּלאנצע אין די הייסע געגענדען פֿון אמעריקא].

man'iple *n.* (מענ'-איפּל) אזא שמאלער באנד וואס ווערט געטראגען אויף'ן לינקען ארם פֿון די קאטוילישע גלחים אין דער צייט פֿון גאטעסדיענסט; א הויפֿען, א האנד-פֿול; א קליינע ראטע סאלדאטען [אין פֿארצייטיגע רוים].

man'iplies *n.* (מענ'-אי-פּלייז) ז. *manyplies*

manip'ular *a.* (מע-ניפּ'-יו-לאר) מא-ניפּולירענד, בעהאנדלענד אדער ארבייטענד מיט די הענד; וואס איז שייך צו א קליינע ראטע סאלדאטען [אין פֿארצייטיגע רוים].

manip'ulate *v.* (מע-ניפּ'-יו-לייט) 1. מאניפּולירען, אומגעהן מיט עפּעס, ארבייטען מיט די הענד; בעהאנדלען מיט די הענד; בעארבייטען; צוגרייטען, צופּערטיגען; 2. סחור-מכר'ען, שווינדלען, פֿאלען אויף פֿערשיעדענע המצאות.

1. The doctor **manipulated** the broken leg and set the parts together.

manip'ulate stocks (מע-ניפּ'-יו-לייט סטאקס) קינסטליך, דורך המצאות בעאיינפֿלוסען דעם קורס אויף דער בערזע.

The broker **manipulated** the stocks of the railroad in which he was a director.

manipula'tion *n.* (מע-ניפּ-יו-ליי'-שאן) מאניפּולאציאן, די בעהאנדלונג מיט די הענד; די בעארבייטונג מיט די הענד; די צוגרייטונג, די צופּערטיגונג; דאס שווינדלען אדער אנווענדען המצאות.

manip'ulative *a.* (מע-ניפּ'-יו-ליי-טיוו) מאניפּולירענד; וואס בעהאנדעלט אדער בעארבייט מיט די הענד; צוגריי-טענד, צופּערטיגענד; וואס ווענדעט אן קונצען אדער המצאות.

manip'ulator *n.* (מע-ניפּ'-יו-ליי-טאר) 1. איינער וואס מאניפּולירט, איי-נער וואס בעהאנדעלט עפּעס מיט די הענד; 2. א שווינדעל-קאפּ, א דרעה-קאפּ.

2. The business world regards him as a **manipulator** and therefore distrusts his undertakings.

manip'ulatory *a.* (מע-ניפּ'-יו-ליי-טא-רי) מאניפּולירענד, בעהאנדלענד אדער בעארבייטענד מיט די הענד.

man'ito *n.* (מענ'-אי-טאו) א גייסט, א ניט-גוטער [ביי געוויסע אינדיאנער שבטים אין אמעריקא].

man'itou *n.* (מענ'-אי-טוה) ז. *manito*

man it out (מען איט אוט) זיך האלטען ווי א מאן, זיך האלטען מוטיג, דרייסט.

mankind' *n.* (מענ-קאינד') די מענשלי-כע ראסע, דאס מענשליכע געשלעכט, די מענשהייט; דאס מענליכע געשלעכט, מאנסלייט.

man'less *a.* (מענ'-לעס) מענשענלאז, ניט בעוואהנט פֿון מענשען.

man'like *a.* (מענ'-לאיק) מענליך, מאנ-האפֿט, ווי א מאן.

man'lily *adv.* (מענ'-לי-לי) מאנהאפֿט, העלדיש.

man'liness *n.* (מענ'-לי-נעס) מענליכ-קייט, מאנהאפֿטיגקייט.

man'ly *a. and adv.* (מענ'-לי) מענליך, מאנהאפֿט; אויף א מאנהאפֿטען שטייגער.

man'-made *a.* (מענ'-מייד) געמאכט פֿון מענשליכע הענד.

man'-mid'wife *n.* (מענ'-מיד'-וואיף) א געבורטס-העלפֿער, אן אקושער.

man'-mil'liner *n.* (מענ'-מיל'-אי-נער) א מאדיסט, א מאדען-הענדלער.

man'na *n.* (מענ'-א) מן [וואס אידען האבען געגעסען אין דער מדבר]; הימעל-ברויט, הימעל-שפּייז; גייסטיגע שפּייז; אזא זיסער זאפֿט וואס ווערט ערהאלטען פֿון דעם מאנא-בוים און ווערט בענוצט אין מעדיצין.

man'na-croup *n.* (מענ'-א-קרופּ) מאנא-גרייפּלעך.

man'ner *n.* (מענ'-ער) דער אופֿן, דער שטייגער, די ארט, די ווייזע, די מאניער; א געוואוהנהייט, א זיטע, א מנהג; א זארט.

man'nered *a.* (מענ'-ערד) געזיטעט, וואס האט זיטען, וואס האט מאניערען; ניט נאטירליך, געקינסטעלט; איינפֿער-מיג, איינארטיג.

man'nerism *n.* (מענ'-ער-איזם) איינ-ארטיגקייט, איינפֿערמיגקייט; דאס האל-טען זיך שטענדיג ביי געוויסע מאניערען [אין ריידען, שרייבען, מאלען א. ד. ג.]; איינגענארטיגקייט.

man'nerist *n.* (מענ'-ער-איסט) איינער וואס האט שטענדיגע געוויסע מאניערען אין ריידען, שרייבען, מאלען א. ד. ג.

man'nerless *a.* (מענ'-ער-לעס) אהן מא-ניערען, אונגעזיטעט.

man'nerliness *n.* (מענ'-ער-לי-נעס) מאניערליכקייט, העפֿליכקייט, גוטע בענעה-מונג.

man'nerly *a. and adv.* (מענ'-ער-לי) וואויל-געזיטעט, העפֿליך, מאניערליך, דרך-ארץ'דיג; מיט גוטע מאניערען; מיט דרך-ארץ, מיט העפֿליכקייט.

man'ners *n.* (מענ'-ערז) גוטע בענעה-מונג, גוטע זיטען, דרך-ארץ, העפֿליכקייט.

man'nikin *n.* (מענ'-אי-קין) ז. *manikin*

man'nish *a.* (מענ'-איש) ווי א מאן, מאנהאפֿט, מענליך, העלדיש.

man'nishly *adv.* (מענ'-איש-לי) אויף א מאנהאפֿטען שטייגער; מיט דרייסט-קייט; מיט מוטה.

man'nishness *n.* (מענ'-איש-נעס) מענליכקייט, מאנהאפֿטיגקייט, דרייסטקייט, מוטיגקייט.

man'nite *n.* (מענ'-איט) מאניט, מאנא-צוקער [אזא זיסער שטאף וואס געפֿינט זיך אין פֿערשיעדענע פּלאנצען].

mannit'ic *a.* (מע-ניט'-איק) וואס ענט-האלט אדער וואס איז שייך צו מאניט.

ז. *mannite*

manœu'ver *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) א מאנעווער; א קונציגער איינפֿאל אב-צוציהען די אויפֿמערקזאמקייט; מאכען א מאנעווער, מושטירען.

manœu'vre *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*

man of blood (מען אוו בלאד) א בלוט-דורשטיגער מענש, א מערדער.

man of busi'ness (מען אוו ביז'-נעס) א געשעפֿטס-מענש, א געשעפֿטס-פֿערוואל-טער.

man of fig'ures (מען אוו פֿיג'-יורז) א בעל-חשבון.

man of let'ters (מען אוו לעט'-ערז) א ליטעראט, א שרייבער; א ליטערארי-שער מענש.

man of straw (מען אוו סטראָה) א שטרוי-ענער מענש, א מענש אהן ווילען, א מענש מיט א שוואכען כאראקטער; אן אויסגע-טראכטע, פּיקטיווע פּערזאן, אן אונטער-געשטעלטער מענש.

man of the world (מען אוו טהי וואירלד) א וועלטליכער מענש; אן ער-פֿאהרענער מענש.

man of war (מען אוו וואהר) א סאל-דאט; א גרויסע קריעגס-שיף.

man'-of-war' *n.* (מענ'-אוו-וואהר') א גרויסע קריעגס-שיף.

man'-of-war's'-man *n.* (מענ'-אוו-וואהרז'-מען) א מאטראז אויף א קריעגס-שיף.

manom'eter *n.* (מע-נאמ'-ע-טער) א מאנא-מעטער [אן אינסטרו-מענט צום מעסטען דעם דרוק פֿון גאזען אדער דאמפּף].



Manometer

manomet'ric *a.* (מענ-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א מאנאמעטער; געמאסטען מיט א מאנאמעטער.

manomet'rical *a.* (מענ-א-מעט'-רי-קעל) ז. *manometric*

man'or *n.* (מענ'-אר) א פּריצישער הויף; דער דיסטריקט איבער וועלכען א פּעאדאלער באראן האט געהערשט; דאס גוט וואס בעלאנגט צו א לארד.

man'or-house *n.* (מענ'-אר-האוס) א הויז אין א פּריצישען הויף.

mano'rial *a.* (מע-נאו'-רי-על) וואס געהערט צו א לאנד-גוט אדער צו א פּרי-צישען הויף.

man'or-seat *n.* (מענ'-אר-סיעט) ז. *manor-house*

man'oscope *n.* (מענ'-א-סקאופּ) ז. *manometer*

manos'copy *n.* (מע-נאס'-קא-פּי) דער טייל פֿון פּיזיק וואס בעשעפֿטיגט זיך מיט דער בעשטימונג פֿון דער געדיכטקייט פֿון גאזען און דונסט [פּארע].

man'-pow'er *n.* (מענ'-פּאו'-ער) די ארבייט וואס ווערט געוואוהנליך געטהאן פֿון א מענשען אין א בעשטימטער צייט; מאשינעריע בעטריבען פֿון מענשליכער קראפֿט.

man'-rope *n.* (מענ'-ראופּ) איינער פֿון די צוויי ווערטיקאל-הענגענדע שטריק, וועל-כע בילדען אוים א שטריק-לייטער אויף א שיף.

man'sard *n.* (מענ'-סארד) א מאנסארדע, א דאך מיט א צווייענדיגער משופּע'דיגקייט; א צימער אויף דעם בוידעם אונטער אזא דאך.



Mansard

man'sard roof (מענ'-סארד רוהף) ז. *mansard*

manse *n.* (מענס) די וואהנונג פֿון א גלח נעבען א קירך; א לאנדהויז.

man'-ser'vant *n.* (מענ'-סויר'-וועגט) א דיענער, א לאקיי.

man'sion *n.* (מענ'-שאן) א פּריציש הויז, א גרויס הויז; א וואהנונג; אין מיטעלאלטערליכער אסטראנאמיע — איי-נער פֿון די 28 טיילען, אויף וועלכע עס איז צוטיילט דער זאדיאק אדער דער קרייז פֿון די צוועלף מזלות.

man'sionary *a.* (מענ'-שאנ-ע-רי) וואהנהאפֿט; וואו איינער וואהנט; וואו עפּעס געפֿינט זיך.

Man'sion-house *n.* (מענ'-שאנ-האוס)

דאס אפיציעלע הויז, וואו עס וואוינט דער לארד-מער [לארד-מאיאר] פון לאנ־דאן.

man'sion-house *n.* (מענ'-שאנ-האוס) ז. *manor-house*

man'slaughter *n.* (מענ'-סלאה-טער) מענשענ־מארד; א מענשענ־מארד בעגאנ־גען אהן איבערלעגונג, אין א גרויסער אויפרעגונג אדער אונטער אויסערארדענטליכע אומשטענדען.

man'slayer *n.* (מענ'-סליי-ער) א מער־דער.

man'stealer *n.* (מענ'-סטיע-לער) א מענשענ־רויבער, א מענשענ־גנב [איינער וואס גנב'עט א מענשען מייסטענס מיט דעם ציעל צו פערקויפען איהם אין שקלא־פעריי].

man'stealing *n.* (מענ'-סטיע-לינג) מענשענ־רויב, מענשענ־גנבה; דאס גנב'ע־נען מענשען, איבערהויפט צו פערקויפען זיי אין שקלאפעריי.

man'swear *v.* (מענ'-סהוועהר) שווערען פאלש; געבען א פאלשע שבועה; זאגען פאלשע עדות.

man'teau *n.* (מענ'-טאו) א מאנטעל, א בגד; א פרויען־ראק.

man'tel *n.* (מענ'-טל) א קאמין, א גע־זימס אדער א פאליצע איבער א קאמין.

man'telboard *n.* (מענ'טל-באורד) דאס ברעטעל אדער די פאליצע איבער א קא־מין.

man'tel-clock *n.* (מענ'טל-קלאק) א זייגער וואס שטעהט אויף דעם ברעטעל אדער פאליצע איבער א קאמין.

man'telet *n.* (מענ'-טעל-עט) א קליין פרויען מענטעלע; א קליינער מאנטעל אהן ארבעל, וועלכען עס פלעגען אמאל טראגען ריטער און אדעלינג; א שוץ־וואנד, וועלכע סאלדאטען געברויכען אין מלחמה; א בעוועגליכער דאך צו בעשי־צען די בעלאגערער פון א פעסטונג; א בעוועגליכע שוץ־וואנד וואס ווערט גע־ברויכט פון יעגער.

man'telpiece *n.* (מענ'טל-פיעס) די דעקאראציאן פון דעם אויבערדעק פון א קאמין.

man'tel-set *n.* (מענ'טל-סעט) א גאנג אדער גארניטור פון געגענשטענדע וואס שטעלען זיך אויס אויף דעם אויבער־שטען ברעטעל פון א קאמין.

man'tel-shelf *n.* (מענ'טל-שעלף) ז. *mantelpiece*

man'teltree *n.* (מענ'טל-טריע) א ברעט אדער א ציגעל־געוועלב איבער א קאמין.

man'tian *a.* (מענ'-טיען) ז. *mantic*

man'tic *a.* (מענ'-טיק) פראפעטיש, נביא'יש.

man'ticore *n.* (מענ'-טי-קאור) א לע־גענדארע בעשעפעניש וואס האט א קאפ פון א מענשען און א גוף פון א רויב־חיה; א מין אונבעשטימטע אדער ניט עקזיסטירענדע אפע.

man'tiger *n.* (מענ'-טי-דזשער) ז. *manticore*

mantil'la *n.* (מענ-טיל'-א) א מאנטי־ליע; א פרויען נאכט־מיץ; א לייכטע טוך וואס ווערט איבערגעווארפען איבער א פרויען־קלייד.

Man'tis *n.* (מענ'-טיס) א מין היישע־ריקעל, ביי וועלכע די פאדערשטע פיס זיינען אזוי געבויט, דאס ווען זיי ער־ווארטען זייער רויב נעהמען זיי אן א פאזע ווי איינער וואס דאווענט מיט אויס־געשטרעקטע הענד. צייכנען זיך אויס מיט זייער רויבגיעריגקייט. גאנץ אפט ביים געשלעכטליכען פערקעהר עסט אויף די נקבה דעם זכר.

Mantis

mantis'sa *n.* (מענ-טיס'-א) אין מאטע־מאטיק — די מאנטיסע אדער די דעצי־מאל־ציפערען פון א לאגאריטמוס; א צוגאב, א צולעג.

man'tle *n. and v.* (מענ'טל) א מאנ־טעל, א שלייער, אן איבערדעקונג; אן אויסווערטיגע בעדעקונג אדער בעשלאג פון א וואנד; ביי מעטאל־גיסען — די לייס, מיט וועלכער מען לעגט ארום א פא־רעם אדער מאדעל פון וואקס [פון היץ ווערט דער וואקס צוגאנגען און די ליימי־גע בעדעקונג בילדעט אויס דעם פורעם]; דער שטייניגער בעשלאג פון א שמעלץ־אויווען; אין אנאטאמיע — א טייל אדער ארגאן פון קערפער, וועלכער פערדעקט אן אנדער טייל אדער ארגאן; דאס אויי־בערשטע הייטעל פון א מאלוסקעל; אן ארט דעקאראציאן פון א ערב; דאס גע־זימס אדער ברעטעל איבער א קאמין; א שאטקע אדער גליה־מאנטעל [א מין היטעלע געוועבט פון באוועל און דורכ־געווייקט אין געוויסע כעמישע שטאפען, וועלכע טהוט זיך אויף'ן רעהר פון א גאז־לאמפ און דיענט צו מאכען דאס פייער פון לאמפ פיעל העלער]; איינדע־קען אין א מאנטעל, פערדעקען, פערשליי־ערען; דיענען אלס א מאנטעל, שלייער אדער צודעק; בעדעקען זיך מיט עפעס [ווי מיט שמאנט ביי מילך אדער מיט שוים ביי וואסער א. ד. ג.]; פאנאנדער־לאזען די פליגלען; ווערען לוסטיג, לע־בעדיג; בייטען די פארבען; רויט ווערען [אין געזיכט].

man'tlepiece *n.* (מענ'טל-פיעס) ז. *mantelpiece*

man'tlet *n.* (מענ'-טלעט) ז. *mantelet*

man'tletree *n.* (מענ'טל-טריע) ז. *manteltree*

mant'ling *n.* (מענט'-לינג) א מין צייג פאר מאנטלען.

mantol'ogy *n.* (מענ-טאל'-א-דזשי) וואהרזאגונג, נביאות־זאגונג; דאס טרע־פען.

man'-trap *n.* (מענ'-טרעפ) א מענ־שענ־פאסטקע [א פאסטקע איבערהויפט פאר די, וואס טרעטען איבער אן אנדע־רענס פלאץ, הויף אדער פעלד]; א לאך וואו א מענש קען אונגערן אריינפאלען.

man'tua *n.* (מענ'-טשו-א) אזא לויזער פארצייטיגער פרויען־מאנטעל.

man'tua-ma'ker *n.* (מענ'-טשו-א-מיי'-קער) א דאמען־שניידער; א מא־דיסטקע.

Man'u *n.* (מענ'-אוה) אין דער אינדי־שער מיטאלאגיע — מאנו, דער ערשטער מענש, דער פאטער פון מענשליכען גע־שלעכט; דער לעגענדארער אויטאר פון די עלטעסטע אינדישע געזעצען וואס זיי־נען געשריבען אין דער סאנסקריטישער שפראך אין א בוך, וואס רופט זיך "דאס בוך פון מאנו".

man'ual *a. and n.* (מענ'-יו-על) וואס איז שייך צו דער האנד; געמאכט מיט דער האנד; א האנד־בוך; א בוך מיט קורצע ערקלערונגען איבער א וויסענ־שאפט אדער מיט קורץ־געפאסטע רעגע־לען וועגען א געוויסער זאך; דאס געבעט־בוך פון דער אלטער קאטוילישער קירך אין ענגלאנד; די קלאוויאטור אדער די ביינדלעך פון אן ארגאן; א האנד־מאשין ביי די פייער־לעשער.

man'ual al'phabet (מענ'-יו-על על'-פע-בעט) פינגער א"ב [אין דער פינגער־שפראך געברויכט פון שטומע]. ז. *finger-alphabet*

man'ual ar'ticles (מענ'-יו-על אר'-טיקלז) גאנגבארע סחורות.

man'ual ex'ercise (מענ'-יו-על עק'-סער-סאיז) אין מיליטער — די איבונ־גען ווי אזוי צו האלטען די ביקס און אנדערע געוועהר לויט געוויסע רעגעלען.

man'ual goods (מענ'-יו-על גודז) ז. *manual articles*

man'ualist *n.* (מענ'-יו-על-איסט) א האנדווערקער, א האנד־ארבייטער.

man'ual-key *n.* (מענ'-יו-על-קיע) א ביינדעל פון דער קלאוויאטור פון אן אר־גאן.

man'ually *adv.* (מענ'-יו-על-אי) מיט די הענד; דורך די הענד.

manufac'tory *n.* (מענ-יו-פעק'-טא-רי) א מאנופאקטור, א פאבריק, א ווערק־הויז.

manufac'tural *a.* (מענ-יו-פעק'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו מאנופאק־טור אדער פאבריצירטע וואארען; פון א פאבריק; וואס איז אויסגעארבייט אדער פראדוצירט.

manufac'ture *n. and v.* (מענ-יו-פעק'-טשור) מאנופאקטור, פאבריקאציע; פאבריטשנע ארבייט; פאבריצירען, אויס־ארבייטען, פערפערטיגען, מאכען.

manufac'turer *n.* (מענ-יו-פעק'-טשור-ער) א פאבריקאנט.

manufac'turing *n. and a.* (מענ-יו-פעק'-טשור-אינג) דאס פאבריצירען; די אינדוסטריע־סיסטעם, וועלכע פראדוצירט פאבריק־וואארען; פאבריצירענד; וואס איז שייך צו מאנופאקטור אדער פאברי־קאציאן; אינדוסטריעל.

manumis'sion *n.* (מענ-יו-מיש'-אן) די פריי־לאזונג פון שקלאפען; עמאנצי־פאציאן.

manumit' *v.* (מענ-יו-מיט') פריי לאזען פון שקלאפעריי; עמאנציפירען.

manumo'tor *n.* (מענ-יו-מאו'-טאר) א קליין וועגעל אויף רעדער וואס האט א פרוזשינע און דער מענש וואס זיצט אין איהם קען איהם בעוועגען אין אלע ריכטונגען מיט די הענד.

manur'able *a.* (מע-ניור'-עבל) וואס מען קען בעמיסטיגען און מאכען פרוכט־באר [וועגען לאנד].

manure' *n. and v.* (מע-ניור') מיסט [צו בעמיסטיגען פעלדער]; בעמיסטיגען.

manure'-distrib'uter *n.* (מע-ניור'-דיס-טריב'-יו-טער) ז. *manure -spreader*

manure'-drag *n.* (מע-ניור'-דרעג) אין אגריקולטור — א מין גראבליע מיט לאנ־גע אויסגעבויגענע צייהנער אויפצוהוי־בען און איבערווארפען מיסט אויף פעל־דער.

manure'-drill *n.* (מע-ניור'-דריל) אין אגריקולטור — אן אפאראט, וואס איז צוגעגעבען צו א זייה־מאשין און וועל־כער שיט פאנאנדער צוזאמען מיט בעמיס־טיגונג; א מין וואגען, וועלכער גיסט פא־

נאנדער פליסיגע בעמיסטיגונג איבער א פעלד.

manure'-fork *n.* (מע-ניור׳-פאהרק) א גרויסער גאפעל, מיט וועלכען מען הויבט אויף מיסט.

manure'-hook *n.* (מע-ניור׳-הוק) ז. *manure-drag*

manure'-loa'der *n.* -מע-ניור׳-לאו׳) דער) א מין גראבליע, געפיהרט פון א פערד, מיט וועלכער מען נעהמט אן מיט איין מאל א קופע מיסט צו לעגען אין א וואגאן.

manur'er *n.* (מע-ניור׳-ער) א בע־מיסטיגער פון פעלדער.

manure'-spread'er *n.* -מע-ניור׳) ספרעד׳-ער) א מאשין צו בעמיסטיגען א פעלד.

manu'rial *a.* (מע-ניו׳-רי-על) וואס איז שייך צו בעמיסטיגונגס־שטאף; וואס דיענט פאר בעמיסטיגונג; וואס מאכט פרוכטבאר.

ma'nus *n.* (מיי׳-נאס) די האנד; דער פאדערשטער פוס ביי א פיערפיסיגער חיה; די קלעשנעס פון א ראק; אין רוי־מישער געזעצגעבונג — די מאכט פון איין פערזאן איבער אן אנדערער [ווי די מאכט פון א מאן איבער דער פרוי].

man'uscript *n. and a.* -מענ׳-יו) סקריפט) א מאנוסקריפט, א כתב־יד; געשריבען מיט דער האנד [ניט גע־דרוקט].

manustupra'tion *n.* -מענ-יו-סטיו) פריי׳-שאן) ז. *masturbation*

man'utype *v. and n.* (מענ׳-יו-טאיפ) דרוקען מיט דער האנד; זעצען שריפט אות באות; דאס וואס איז געדרוקט מיט דער האנד [ווי מיט א שרייב־מאשין].

man'utyper *n.* (מענ׳-יו-טאי-פער) איינער וואס דרוקט מיט דער האנד [ווי מיט א שרייב־מאשין].

man'-wor'ship *n.* -מענ׳-הוואיר׳) שיפ) די פערגעטערונג פון א מענשען; דאס בעציהען זיך צו א מענשען ווי צו א גאט.

man'y *a. and n.* (מענ׳-אי) פיעלע, מאנכע; פון א געוויסער צאהל; א מענגע, א מאסע, א סך.

man'y a man (מענ׳-אי ע מען) כמעט אלע; פיעל מענשען.

Many a man would gladly accept a public office.

man'y a one (מענ׳-אי ע הוואן) אלע; יעדער איינער; פיעלע.

man'y a time (מענ׳-אי ע טאים) אפט; מאל.

Many a time did the teacher punish the pupil.

man'y-col'ored *a.* -מענ׳-אי-קאל׳) ארד) פיעל־פארביג.

man'y-cor'nered *a.* -מענ׳-אי-קאר׳) נערד) פיעל־קאנטיג, פיעל־עקיג; מיט פיעל ווינקלען.

man'y-fol'ded *a.* -מענ׳-אי-פאול׳) דעד) פיעל מאל צונויפגעלעגט; פיעל־פאכיג.

man'y-head'ed *a.* -מענ׳-אי-העד׳) עד) פיעל־קעפיג [וועגען לעגענדארע משונה׳דיגע בעשעפענישען אדער וועגען אן אויפגערייצטער פאלקס־מאסע].

man'yplies *n.* (מענ׳-אי-פלאיז) דער דריטער מאגען פון א מעלה גרה חיה, וועלכער בעשטעהט פון א רייה הייטלעך וואס ליגען איינע אויף די אנדערע.

man'y-si'ded *a.* (מענ׳-אי-סאי׳-דעד) פיעלזייטיג; מיט פיעל פעהיגקייטען אדער טאלאנטען.

man'y-si'dedness *n.* -מענ׳-אי-סאי׳) דער-נעס) פיעלזייטיגקייט; דאס האבען פיעלפאכיגע פעהיגקייטען; דאס האבען א ברייטען בליק.

man'yways *adv.* (מענ׳-אי-הוועיז) ז. *manywise*

man'ywise *adv.* (מענ׳-אי-הוואיז) פערשיעדענארטיג; דורך פערשיעדענע וועגען.

map *n. and v.* (מעפ) א לאנד־קארטע, א קארטע, א וועלט־קארטע; א בעצייכנונג פון עפעס; צייכנען א לאנד־קארטע; מא־כען א צייכנונג פון עפעס.

ma'ple *n. and a.* (מייפל) דער אהארן [א בוים וואס וואקסט אין אלע מיטעלמעסיגע צפון־געגענדען פון דער וועלט. זייז האלץ ווערט געברויכט אין פערשיעדענער טישלער־ארבייט. איי־ניגע מינים גיבען ארויס א זאפט, פון וועלכען מען זידט אויס א סירופ און פון וועלכען מען מאכט אויך צוקער]; וואס בעשטעהט אדער וואס איז געמאכט פון קליאן־האלץ.

ma'ple molas'ses -מייפל מא-לעס׳) עז) ז. *maple sirup*

ma'ple sir'up (מייפל סיר׳-אפ) א סי־ראפ וואס ווערט געמאכט דורך אויס־זידען דעם זאפט פון אהארן אדער קליאן. ז. *maple*

ma'ple sug'ar (מייפל שוג׳-אר) א מין ברוינער צוקער פון דעם זאפט פון אן אהארן אדער קליאן. ז. *maple*

ma'ple-tree *n.* (מיי׳פל-טריע) ז. *maple*

map'-meas'urer *n.* -מעפ׳-מעזש׳-אור) ער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיס־טאנץ אדער דעם מרחק אויף א לאנד־קארטע.

map'-moun'ter *n.* (מעפ׳-מאונ׳-טער) אן ארבייטער, וועלכער ארבייט ביי לאנד־קארטען [ווי אונטערקלעפען זיי מיט לייוונט, זיי לאקירען א. ז. וו.].

map'pery *n.* (מעפ׳-ע-רי) דאס צייכנען לאנד־קארטען; דאס שטודירען לאנד־קארטען.

mar *v. and n.* (מאר) פערדארבען, שעדיגען; קאליע מאכען; צושטערען; 2. פערפלעקען; א פלעק, א קלעק; א בע־שעדיגונג; 3. א צייכען פון א קלאפ [א סיניאק].

1. The bad weather will mar the proposed out-door celebration.

mar'abou *n.* (מער׳-ע-בוה) א מארא־בו אדער בייטעל־שטארך [אזא שטארך, וועמענס פעדערען ווערען געברויכט פאר היט־בעפוצונג]; א מאראבו־פעדער; אזא ווייסער רויהער זייד; א מולאט.

mar'abou-stork *n.* -מער׳-ע-בוה) סטאהרק) א מאראבו. ז. *marabou*

Mar'about *n.* (מער׳-ע-בוהט) א מוה־רישער פריסטער אדער היילינער.

mar'about *n.* (מער׳-ע-בוה) א מא־ראבו. ז. *marabou*

mar'-all *n.* (מאר׳-אהל) א צומישטער קאפ; איינער וואס שטערט איבעראל וואו ער מישט זיך אריין.

maranath'a *n.* (מער-ע-נעטה׳-א) א פלוך־ווארט וואס די קריסטען פלעגען אמאל געברויכען ביים ארייננלעגען אין חרם.

mara'no *n.* (מא-רא׳-נאו) א מאראן [א איד אדער מאכמעדאנער וואס האט אין מיטעלאלטער געצוואונגענערהייד לפנים אנגענומען קריסטענטום].

maraschi'no *n.* (מער-עס-קיע׳-נאו) מאראסקינא [איטאליענישער ליקער].

maras'mic *a.* (מע-רעז׳-מיק) וואס איז שייך צו מאראזמוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, דער]; וואס ליידט פון מאראז־מוס.

maras'moid *a.* (מע-רעז׳-מאיד) ענהנ־ליך צו מאראזמוס, וואס ליידט פון מא־ראזמוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, דער].

maras'mus *n.* (מע-רעז׳-מאס) מאראז־מוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, די דער].

marasqui'no *n.* (מער-עס-קיע׳-נאו) ז. *maraschino*

Mar'athon *n.* (מער׳-ע-טהאן) ז. *Marathon race*

Mar'athon race (מער׳-ע-טהאן רייס) דער מאראטהאנישער וועט־לויף [א וועט־לויף אויף א גרויסער שטרעקע, אלס נאכאהמונג פון די וועט־לויפען אין פאר־צייטיגען גריכענלאנד ביי די פיער־יעהר־ליכע אלימפישע שפיעלען].

masti'tis *n.* (מעס-טאי'-טיס) די ענטצינדונג פון די ברוסט־דריזען [ביי א פרויענצימער].

mast'less *a.* (מעסט'-לעס) אהן מאסטען [וועגען א שיף]; אהן אייכעלען, אהן חזיר'שע ניסלעך [וועגען א דעמבע].

mas'todon *n.* (מעס'-טא-דאן) א מאסטאדאן, א מין עלעפאנט, וועלכער האט עקזיסטירט אין די פארהיסטארישע צייטען [זיינע ביינער און גאנצע סקעלעטען געפינען זיך אין דער ערד אין פערשיעדענע טיילען פון דער וועלט].

Mastodon

mastodyn'ia *n.* (מעס-טא-דינ'-אי-א) שמערץ אין די ברוסט־דריזען [ביי פרויען].

mas'toid *a. and n.* (מעס'-טאיד) ענליך צו א ברוסט־ווארצעל, אין דער פארם פון א ברוסט־ווארצעל; אין אנאטאמיע— וואס איז שייך צום שלייף־ביין הינטער'ן אויער, וועלכער האט די פארם פון א ברוסט־ווארצעל; די נאפעל־פערמיגע ארויסשטארצונג פון שלייף־ביין הינטער'ן אויער.

mastoidi'tis *n.* (מעס-טאי-דאי'-טיס) אין מעדיצין — די ענטצינדונג פון שלייף־ביין הינטער'ן אויער. ז. *mastoid*.

mas'toid proc'ess (מעס'-טאיד פראס'-עס) אין אנאטאמיע — די נאפעל־פערמיגע ארויסשטארצונג אדער אנוואקסונג פון שלייף־ביין הינטער'ן אויער.

mastol'ogy *n.* (מעס-טאל'-א-דזשי) די לעהרע אדער וויסענשאפט וועגען זויגטהיערע.

Mastozo'a *n.* (מעס-טא-זאו'-א) דער מין זויג־טהיערע.

mast'-tree *n.* (מעסט'-טריע) איינער פון די בוימער, פון וועלכע מען מאכט מאסטען פאר שיפען.

mas'turbate *v.* (מעס'-טויר-בייט) זיך זעלבסט בעפלעקען, פראקטיצירען אנאניזם. ז. *masturbation*.

masturba'tion *n.* (מעס-טויר-ביי'-שאן) זעלבסט־בעפלעקונג, אנאניזם; די בעפריעדיגונג פון דער געשלעכטליכער ליידענשאפט אויף א קינסטליכען וועג.

masturba'tional *a.* (מעס-טויר-ביי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו זעלבסט־בעפלעקונג, וואס איז שייך צו אנאניזם. ז. *masturbation*.

mas'turbator *n.* (מעס'-טויר-ביי-טאר) אן אנאניסט, איינער וואס בעפריעדיגט זיינע געשלעכטליכע ליידענשאפטען אויף א קינסטליכען וועג.

mas'turbatory *a.* (מעס'-טויר-ביי-טא-רי) וואס איז שייך צו אנאניזם אדער בעפריעדיגונג פון די געשלעכטליכע ליידענשאפטען אויף א קינסטליכען וועג.

mas'ty *a.* (מעס'-טי) פול מיט אייכעלען אדער חזיר־ניסלעך.

mat *n., v. and a.* (מעט) א מאטע, א ראגאזשע; א געפלעכט פון פלאנצען און בוימלעך ביי א טייך־ברעג [אלס א גרעבליע]; עטוואס וואס איז געדיכט און דיק [ווי פלאנצען אדער האר]; א מאטראץ; א פאספארטו [א דיק פאפיער מיט אן אויסשניט אין מיטען פאר דעם בילד אין א בילד־ראהם]; אין האפטונג — די געדיכטע טיילען; מאטקייט [אין קאליר]; אונפאלירטקייט; אן אינסטרומענט צו מאכען מעטאל מאט; בעדעקען מיט מאטען אדער ראגאזשעס; מאכען עהנליך צו מאטען, צוזאמענדרעהען, צוזאמענפלאנטערען; זיך געדיכט צוזאמענוואקסען אדער צוזאמענפלעכטען; מאכען מעטאל אויסזעהן מאט און אונפאלירט; מאט, ניט פאלירט, אהן גלאנץ.

matador' *n.* (מעט-ע-דאור') א מאטאדאר [אין אקסען־קאמפף — דער יעניגער וואס טויטעט דעם אקס וועלכער ווערט פערוואונדעט אין קאמפף]; איינער וואס טויטעט; א מאטאדאר־קארט [א הויפט־קארט אין אייניגע שפיעלען].

mat'afund *n.* (מעט'-ע-פאנד) ז. *matafunda*.

matafun'da *n.* (מעט-ע-פאנ'-דא) א פארצייטיגע מיליטערישע מאשין צו ווארפען שטיינער.

mat'-braid *n.* (מעט'-ברייד) געדיכטע שווערע טאשמעס [בענדלעך].

match *n. and v.* (מעטש) א חבר; איינער אדער עטוואס פון א פאר; איינער וואס איז א גלייכען צו א צווייטען; א גלייכען; א הייראטס־פארטיי, א שדוך; א פאר; א פארונג, א פעראייניגונג; א וועט־קאמפף; א שוועבעלע; א צינד־שנור פון א קאנאן; פעראייניגען, פארען; צופאסען; זיין גלייך צו איינעם אדער עפעס; זיין אימעצענס גלייכען; זיין פון דערזעלבער קראפט, פעהיגקייט א. ד. ג.; פערהייראטען; רייניגען א כלי דורך אנצינדען אין איהר שוועבעלעך.

match'able *a.* (מעטש'-עבל) פאסענד, ענטשפרעכענד, ווי אנגעמאסטען, גלייך [אין כאראקטער, אויסזעהן, פעהיגקייט א. ז. וו.].

match'ableness *n.* (מעטש'-עבל-נעס) פאסיגקייט; אנגעמאסטענקייט; דאס זיין גלייך [אין קראפט, פעהיגקייטען, אויסזעהן א. ז. וו.].

match'-board *n.* (מעטש'-באורד) א צונויפשליסונגס־ברעט [א ברעט וואס פאסט זיך איין אין אנדערע, פון איין זייט מיט א שפונד וואס ווערט אויסגעשניטען אין דעם ברעט גופא, און פון דער צווייטער זייט דורך אן אויסשניט, אין וועלכען עס געהט אריין א שפונד פון אן אנדער ברעט].



Match-boards

match'-boar'ding *n.* (מעטש'-באור'-דינג) א וואנד־בעשלאג געמאכט פון צונויפשליסונגס־ברעטער. ז. *match-board*.

match'-box *n.* (מעטש'-באקס) א שוועבעלעך־קעסטעלע; א רעהרעל, אין וועלכען מען פלעגט אמאל פערשטעלען דאס פייער וואס מען פלעגט נויטיג האבען פאר די קרעמען־ביקסען. ז. *matchlock*.

match'-cloth *n.* (מעטש'-קלאהטה) א מין גראבער וואלענער שטאף.

match col'ors (מעטש קאל'-ארז) צופאסען קאלירען, אבקלייבען קאלירען וואס זאלען הארמאנירען.

match'-cord *n.* (מעטש'-קאהרד) א צינד־שטריקעל [ביי די פארצייטיגע שיסגעוועהר].

match'er *n.* (מעטש'-ער) איינער וואס פאסט צונויף; א שדכן.

match'ing-machine' *n.* (מעטש'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס מאכט די

איינשניטע און די שפונדען אין צונויפ=שליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match'-joint *n.* (מעטש'-דזשאינט) די שפונדען און איינשניטע פון צונויפשליסונגס=ברעטער; די צוזאמענפאסונג פון צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match'less *a.* (מעטש'-לעס) אונפערגלייכליך, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט.

match'lessly *adv.* (מעטש'-לעס-לי) אויף אן אונפערגלייכליכען אופן; אהן א גלייכען צו זיך.

match'lessness *n.* (מעטש'-לעס-נעס) אונפערגלייכליכקייט; דאס ניט האבען צו זיך קיין גלייכען.

match'-line *n.* (מעטש'-לאין) ז. *match-cord*

match'-lock *n.* (מעטש'-לאק) דער שלאס פון א קרעמען=ביקס. ז. *matchlock*

match'lock *n.* (מעטש'-לאק) א קרעמען=ביקס [א פארצייטיגע ביקס וואס פלעגט שיסען מיט דער הילף פון א צינד=שנור].

match'-ma'ker *n.* (מעטש'-מיי'-קער) א שוועבעלעך=פאבריקאנט, א שוועבעלעך=מאכער; א שדכן.

match'-ma'king *n. and a.* (מעטש'-מיי'-קינג) שדכנות; שדכנ'ענדיג.

match'-pipe *n.* (מעטש'-פאיפ) א רעהרעל צו פערשטעלען דאס פייער וואס מען האט אמאל געברויכט פאר קרעמען=ביקסען. ז. *matchlock*

match'-plane *n.* (מעטש'-פליין) א מין הובעל געברויכט ביים מאכען צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match'-safe *n.* (מעטש'-סייף) א כלי צו האלטען שוועבעלעך.

match'-tub *n.* (מעטש'-טאב) דער צינד=שטריק פאס [וואו מען פלעגט אויף די פארצייטיגע קריעגס=שיפען האלטען טליענדע צינד=שטריק פאר די הארמאטען].

match'-wood *n.* (מעטש'-הוואוד) שוועבעלעך=האלץ; שוועבעלעך=העלצלעך; קלייני שטיקעלעך האלץ.

ma'té *n.* (מא'-טיי) בראזילישע טהעע אדער פאראגוואי=טהעע [אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער ווערען געברויכט ווי טהעע].

mate *n. and v.* (מייט) א חבר, א גליי=כען; איינער פון א פאר; א מאן, א ווייב; א געהילף; א שטייערמאן [אויף א שיף]; א מאט [אין שאך=שפיעל]; דער שאך=שפיעלער וואס האט בעקומען מאט; זיך פעראייניגען; פערהייראטען; פארען זיין ערשטווינט; מאכען מאט [אין שאך=שפיעל].

mate'less *a.* (מייט'-לעס) אהן א חבר; איינזאם, עלענד.

mat'elote *n.* (מעט'-ע-לאוט) פיש אדער פלייש פערפערטינט מיט וויין, גרינסען און פערשיעדענע געווירצען.

mate'rial *a. and n.* (מע-טיע'-רי-על) מאטעריעל; וואס איז שייך צו שטאף; קערפערליך, [אין נעגענזאץ צו גייסטיג]; גשמיות'דיג; אין פילאזאפיע — וואס איז שייך צום מאטעריעלען אינהאלט [אין נעגענזאץ צו פארם], וואס איז שייך צום פאקטישען אדער ווירקליכען צושטאנד פון זאכען; וויכטיג, נויטווענדיג; ממשות'דיג; מאטעריאל, שטאף; בעשטאנד=טיילען.

materialisa'tion *n.* (מע-טיע-רי-על-אי-זיי'-שאן) ז. *materialization*

mate'rialise *v.* (מע-טיע'-רי-על-איז) ז. *materialize*

mate'rialism *n.* (מע-טיע'-רי-על-איזם) די מאטעריאליסטישע וועלט=אנשויאונג, די פילאזאפישע לעהרע, וואס אנערקענט אין דער נאטור בלויז די עקזיסטענץ פון שטאף [און ניט פון שטאף און גייסט] און ערקלערט אלע נאטור=ערשיינונגען און גייסטיגע ערשיינונגען דורך די מעכאנישע בעוועגונגען פון די שטאף=אטאמען; מאטעריאליזם, איבערגעבענהייט צו מאטעריעלע, עגאאיסטישע אינטערעסען, צו תאוות און תענוגים.

mate'rialist *n. and a.* (מע-טיע'-רי-על-איסט) א מאטעריאליסט, אן אנהענגער פון דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג; מאטעריאליסטיש; וואס איז שייך צו דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג. ז. *materialism*

materialis'tic *a.* (מע-טיע-רי-ע-ליס'-טיק) מאטעריאליסטיש, וואס איז שייך צו דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג. ז. *materialism*

materialis'tical *a.* (מע-טיע-רי-ע-ליס'-טי-קעל) ז. *materialistic*

material'ity *n.* (מע-טיע-רי-על'-אי-טי) דאס בעשטעהן פון שטאף; א מאטעריעלע זאך, א שטאף=זאך [אין נעגענזאץ צו א גייסטיגער]: קערפערליכקייט; גשמיות'דיגקייט; ממשות'דיגקייט, וויכטיגקייט.

materializa'tion *n.* (מע-טיע-רי-על-אי-זיי'-שאן) מאטעריאליזירונג; פערקערפערונג; דאס אננעהמען א מאטעריעלע, קערפערליכע אדער גשמיות'דיגע פארם [הויפטזעכליך ווענען דער נשמה פון א פערשטארבענעם, לויט דעם גלויבען פון די ספיריטואליסטען].

mate'rialize *v.* (מע-טיע'-רי-על-איז) מאטעריאליזירען, מאכען קערפערליך; מאכען מאטעריאליסטיש, בעטראכטען פון דעם שטאנדפונקט פון דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג; ווערען מאטעריעל, קערפערליך אדער גשמיות'דיג; אננעהמען א בעשטימטע פארם; ווערען א ווירקליכקייט.

mate'rially *adv.* (מע-טיע'-רי-על-אי) מאטעריעל; אין בעצוג צו שטאף אדער גשמיות; גשמיות'דיג, קערפערליך, פיזיש; אויף א ממשות'דיגען אופן, מיט וויכטיגקייט.

mate'rialness *n.* (מע-טיע'-רי-על-נעס) דאס זיין מאטעריעל; וויכטיגקייט, ממשות'דיגקייט.

mate'ria med'ica (מע-טיע'-רי-א מעד'-אי-קא) מעדיציניש מיטלען; דער טייל פון דער מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער נאטור און ווירקונג פון די היילמיטלען.

matériel' *n.* (מע-טיי-רי-על') אינווענטאר.

mater'nal *a.* (מע-טויר'-נעל) מוטערליך; וואס איז שייך צו א מוטער אדער מוטערס; וואס קומט פון א מוטער אדער פון מוטער'ס צד [ווי פערוואנדשאפט, למשל]; וואס איז שייך צום געבורטס=לאנד, היימיש.

maternal'ity *n.* (מע-טויר-נעל'-אי-טי) מוטערליכקייט, מוטער=שטאנד, מוטערשאפט.

mater'nallly *adv.* (מע-טויר'-נעל-אי) אויף א מוטערליכען שטייגער; פון דער מוטער'ס צד [פערוואנדט].

mater'nity *n.* (מע-טויר'-ני-טי) מוטערליכקייט, מוטער=שטאנד, מוטערשאפט; שוואנגערשאפט.

mater'nity dress (מע-טויר'-ני-טי דרעס) א קלייד צוגעפאסט פאר שוואנגערע פרויען.

mater'nity hos'pital (מע-טויר'-ני-טי האס'-פי-טעל) א קינפעטארינס=שפיטאל.

mat'-grass *n.* (מעט'-גרעס) בארשטענ=גראז, נארד [אזא אייראפעאיש גראז וואס וואקסט אין בינטלעך, געברויכט אלס פאשע פאר שעפסען].

math *n.* (מעטה) היי=שניט.

math. אבקירצונג פון *mathematical* און *mathematics*

mathemat'ic *n. and a.* (מעטה-אי-מעט'-איק) מאטעמאטיק; מאטעמאטיש.

mathemat'ical *a.* (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל) מאטעמאטיש; גענוי, פינקטליך; וואס קען בעוויזען ווערען.

mathemat'ical abstrac'tion (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל עב-סטרעק'-שאן) מאטעמאטישע אבסטראקציאן [דאס אוועקנעהמען אין געדאנק אלע אייגענשאפטען פון א געגענשטאנד [ווי קאליר, געשמאק א. ז. וו.] און איהם איבערלאזען בלויז די געאמעטרישע דימענזיאנען [ווי לענג, ברייט, הויך].

mathemat'ical bod'y (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל באד'-אי) א מאטעמאטישער קערפער [פון וועלכען מען האט אין אבסטראקציע אוועקגענומען אלע נאטירליכע אייגענשאפטען אזוי, אז פון איהם זיינען געבליבען נור די לענג, ברייט און הויך].

mathemat'ical concep'tion (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל קאנ-סעפ'-שאן) א מאטעמאטישע קאנצעפציאן, א מאטעמאטישער בעגריף [וואס האט צו טהאן בלויז מיט רוים און צייט].

mathemat'ical in'struments (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל אינ'-סטרו-מענטס) מאטעמאטישע אינסטרומענטען [צום צייכנען מאטעמאטישע פיגורען].

mathemat'ically *adv.* (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א מאטעמאטישען שטייגער; דורך מאטעמאטיק; מיט גענויקייט, מיט פינקטליכקייט; אזוי עס זאל קענען בעוויזען ווערען.

mathemat'ical nota'tion (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל נא-טיי'-שאן) די סיסטעם פון צייכענס, פיגורען און בוכשטאבען, וואס ווערען געברויכט אין מאטעמאטיק.

mathemat'ical point (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל פאינט) א מאטעמאטישער פונקט [וואס פערנעהמט ניט קיין רוים און וועלכען מען שטעלט זיך פאר נור אין געדאנק].

mathemat'ical quan'tities (מעטה-אי-מעט'-אי-קעל קהוואנ'-טי-טיז) מאטעמאטישע גרעסען [אבסטראקטע גרעסען]. ז. *mathematical abstraction*

mathemati'cian *n.* (מעטה-אי-מע-טיש'-ען) א מאטעמאטיקער.

mathemat'ics *n.* (מעטה-אי-מעט'-איקס) מאטעמאטיק.

mathe'sis *n.* (מע-טהיע'-סיס) געלעהרזאמקייט; וויסענשאפט; מאטעמאטיק.

mati'co *n.* (מע-טיע'-קאו) מאטיקא [אזא פלאנצע אין פערו וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין].

ma'tie *n.* (מיי'-טיע) א פעטער הערינג וואס האט אין זיך ניט פיעל מילך אדער רויגען [איקרא].

mat'in *a.* (מעט'-אין) וואס איז שייך צום פריה=מארגען.

mat'inal *a.* (מעט'-אי-נעל) וואס איז שייך צום פריהמארגען; וואס איז שייך צו א פריהמארגען-געבעט [ביי די קאטוילִיקען].

matinée' *n.* (מעט-אי-ניי') א נאכמיטאגדיגע טעאטער-פארשטעלונג, קאנצערט אדער אונטערהאלט; א נאכמיטאגדיג הויז-קלייד פאר פרויען.

ma'ting *n.* (מיי'-טינג) פערהייראטונג; פארונג [ביי חיות]; צוטיילונג פון טראן צווישען צוויי קאמפאניעס פיש-פאנגער אדער וואלפיש-פאנגער.

ma'ting-time *n.* (מיי'-טינג-טאים) פארונגס-צייט [ביי חיות].

mat'ins *n.* (מעט'-אינז) פריהמארגען-געבעט [ביי די קאטוילִיקען]; מוזיק פאר מארגען-געבעט.

mat'rass *n.* (מעט'-רעס) א דיסטילירפלאש, א ברען-קאלבען [פאר כעמישע צוועקען].

mat'ress *n.* (מעט'-רעס) *mattress* ז.

ma'triarch *n.* (מיי'-טרי-ארק) א מאטריארך [א פרוי אין דער מאטריארכאלער ארדנונג]. ז. *matriarchy*

matriar'chal *a.* (מיי-טרי-אר'-קעל) מאטריארכאליש. ז. *matriarchy*

matriar'chalism *n.* (מיי-טרי-אר'-קעל-איזם) מאטריארכאט, מאטריארכאלישע מנהגים און לעבענס-פארמען. ז. *matriarchy*

matriar'chate *n.* (מיי-טרי-אר'-קייט) די לאגע און די רעכטע פון א פרוי אין א מאטריארכאלישער ארדנונג. ז. *matriarchy*

ma'triarchy *n.* (מיי'-טרי-אר-קי) מאטריארכאט, פרויען-הערשאפט [די געזעלשאפטליכע ארדנונג ביי פרימיטיווע פעלקער, אין וועלכער די פרוי איז געווען די הויפט פון דער פאמיליע און די קרובה'שאפט און די ירושה-רעכט זיינען געווען פון דער מוטער'ס צד].

ma'trice *n.* (מיי'-טריס) *matrix* ז.

mat'rices *n.* (מעט'-רי-סיז) געבעהר-מוטערס; מאטריצען. ז. *matrix*

mat'ricidal *a.* (מעט'-רי-סאי-דעל) מוטער-מערדעריש, וואס איז שייך צו א מוטער-מארד אדער צו א מוטער-מערדער.

mat'ricide *n.* (מעט'-רי-סאיד) א מוטער-מערדער, א מוטער-מערדערין [וואס מארדעט די אייגענע מוטער]; א מוטער-מארד.

matric'ula *n.* (מע-טריק'-יו-לא) א מאטריקעל, א ליסטע, א צעטעל אדער רייסטער פון מיטגליעדער [הויפטזעכליך פון סטודענטען אין אן אוניווערזיטעט אדער אנדער הויך-שוהל].

matric'ulant *n.* (מע-טריק'-יו-לענט) איינער וואס שלאגט זיך פאר אדער טרעט אריין [אין א געזעלשאפט, פעראייניגונג א. ז. וו., הויפטזעכליך אין אן אוניווערזיטעט אדער אנדער הויך-שוהל].

matric'ular *a.* (מע-טריק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א מאטריקעל. ז. *matricula*

matric'ulate *v., a. and n.* (מע-טריק'-יו-לייט) מאטריקולירען, אריינשרייבען דעם נאמען אין א ליסטע אדער רייסטער [הויפטזעכליך וועגען סטודענטען פון אן אוניווערזיטעט]; ווערען א מיטגליעד, אריינגענומען ווערען אלס מיטגליעד, אריינקומען אלס סטודענט אין אן אוניווערזיטעט; מאטריקולירט, אריינגענומען; איינער וואס איז אריינגענומען געווארען [אלס מיטגליעד פון א געזעלשאפט אדער, הויפטזעכליך, אלס סטודענט פון אן אוניווערזיטעט].

matricula'tion *n.* (מע-טריק-יו-ליי'-שאן) די מאטריקולירונג, דאס אריינטראגען איינעמס נאמען אין רייסטער [הויפטזעכליך אלס סטודענט פון אן אוניווערזיטעט]; אריינטרעטונג [אלס מיטגליעד, הויפטזעכליך אין אן אוניווערזיטעט].

matric'ulator *n.* (מע-טריק'-יו-ליי-טאר) איינער וואס טרעט אריין אלס נייער מיטגליעד אין א געזעלשאפט; איינער וואס טרעט אריין אלס סטודענט אין אן אוניווערזיטעט; איינער וואס פערשרייבט איינעמס נאמען אין א ליסטע [פון מיטגליעדער, פון סטודענטען א. ז. וו.].

matriher'itage *n.* (מעט-רי-הער'-אי-טעדזש) ירושה-רעכט נאך דער מוטער'ס צד [ווי אין דער מאטריארכאלישער ארדנונג]. ז. *matriarchy*

matriher'ital *a.* (מעט-רי-הער'-אי-טעל) וואס איז שייך צום ירושה-רעכט פון דער מוטער'ס צד [אין דער מאטריארכאלישער ארדנונג] ז. *matriarchy*

matrimo'nial *a.* (מעט-רי-מאו'-ני-על) וואס איז שייך צו הייראטה אדער צום פערהייראטהען לעבען; וואס קומט דורך הייראטה.

matrimo'nial cause (מעט-רי-מאו'-ני-על קאהז) א געריכטליכע קלאגע וואס קומט ארויס פון הייראטה [ווי למשל א גט-פראצעס].

matrimo'nially *adv.* (מעט-רי-מאו'-ני-על-אי) דורך הייראטה; לויט די הייראטהס-געזעצע אדער מנהגים.

matrimo'nious *a.* (מעט-רי-מאו'-ני-אס) ז. *matrimonial*

mat'rimony *n.* (מעט'-רי-מא-ני) הייראטה, הייראטה-שטאנד, דאס פערהייראטהע לעבען.

ma'trix *n.* (מיי'-טריקס) די געבעהר-מוטער; עטוואס וואס הילט עפעס איין אדער ברייגנט עפעס ארויס [ווי א געבעהר-מוטער]; א מאטריצע, אן אויסגעהוילטע מעטאל-פורעם [אין דרוקעריי]; א דרוק-פלאטע; דער צווישען-צעלען שטאף [ביי פלאנצען]; דאס אויף וואס אדער פון וואס א פלאנצע וואקסט: א פעלז, אין וועלכען עס געפינען זיך מינעראלען, פערשטיינערטע פלאנצען אדער חיות א. ז. וו.

ma'tron *n.* (מיי'-טראן) א מאטראנע; א פערהייראטהעטע פרוי [הויפטזעכליך אן עלטערע]; א הויז-מוטער; א הויפט-ווערטערין פון א שפיטאל; א פערוואלטעריין פון אן אנשטאלט.

ma'tronage *n.* (מיי'-טראנ-עדזש) מאטראנען-שטאנד, פרויען-שטאנד; ווירדיגע פרויען, שעהנע בעל-הבית'טעס [קאלעקטיוו]; דאס אמט פון א הויפט-שפיטאל-ווארטערין; דאס אמט פון א פערוואלטערין פון אן אנשטאלט.

ma'tronal *a.* (מיי'-טראנ-על) וואס איז שייך צו אן עלטערער פרוי; וואס פאסט פאר א פאמיליען-מוטער; מוטערליך; ערנסט, איינגעהאלטען, ווירדיג.

ma'tronhood *n.* (מיי'-טראנ-הוד) דער שטאנד פון אן עלטערער פרוי אדער פאמיליען-מוטער.

ma'tronise *v.* (מיי'-טראנ-איז) ז. *matronize*

ma'tronize *v.* (מיי'-טראנ-איז) מאכען מאטראנען-עהנליך [עהנליך צו אן עלטערער פרוי אדער פאמיליען-מוטער]; בעהאנדלען ווי א מוטער.

ma'tronlike *a.* (מיי'-טראנ-לאיק) ווי אן עלטערע פרוי אדער פאמיליען-מוטער; ערנסט, ווירדיג, מוטערליך.

ma'tronly *a.* (מיי'-טראנ-לי) ז. *matronlike*

ma'tronship *n.* (מיי'-טראנ-שיפ) דאס אמט פון א הויפט-ווארטערין פון א שפיטאל; דאס אמט פון א פערוואלטעריין פון אן אנשטאלט.

matronym'ic *a. and n.* (מעט-רא-נימ'-איק) וואס שטאמט פון דער מוטער אדער פון דער מוטער'ס צד [וועגען א נאמען]; וואס איז שייך צו אזא נאמען; א ווארט אדער שפראך-פארם צו בעצייכנען אזא נאמען.

matross' *n.* (מע-טראס') אן אונטער-קאנאניער [ארויסהעלפער ביי א קאנאנען-שיסער].

matte *n.* (מעט) א נים גאנץ ריינער מעטאל, וואס ענטהאלט שוועבעל [הויפטזעכליך קופער].

mat'ter *n. and v.* (מעט'-ער) שטאף, מאטעריע; מאטעריאל; אין דרוקעריי — געשריבענע זאכען צום דרוקען; דרוקזאץ; אבפאל פון א לעבעדיגען ארגאניזם; אייטער [פלאגמע]; אן אנגעלעגענהייט; אן ענין, געגענשטאנד, א זאך, א טהעמא [צום אורטיילען אדער נאכדענקען]; א שטרייטפונקט; אורזאכע, גרונד; בעדייטונג, וויכטיגקייט; אן אנצאהל, א נים גענויע מאס אדער צאהל; א געריכטליכע בעהויפטונג אדער אנצייגע; א געריכטליכער אנטראג אדער פאדערונג; בעדייטען, זיין פון וויכטיגקייט, אויסמאכען.

mat'terate *v.* (מעט'-ע-רייט) אייטערען [וועגען א געשוויר].

mat'ter at is'sue (מעט'-ער עט איש'-אוה) א שטרייטפונקט.

The slavery question was the **matter at issue** between the north and the south.

mat'terful *n.* (מעט'-ער-פול) אינהאלטס-רייך; בעדייטונגספול, וויכטיג.

mat'terless *a.* (מעט'-ער-לעס) אהן שטאף, אינהאלטסלאז; בעדייטונגסלאז, אונוויכטיג.

mat'ter of con'sequences (מעט'-ער אוו קאנ'-סי-קהווענס-עז) א וויכטיגע זאך.

mat'ter of course (מעט'-ער אוו קאורס) א זעלבסטפערשטענדליכע זאך.

mat'ter-of-course' *a.* (מעט'-ער-אוו-קאורס') קומענדיג אלס נאטירליכע פאלגע; אנגענומען אלס זעלבסטפערשטענדליך.

mat'ter of fact (מעט'-ער אוו פעקט) טהאטזעכליכקייט, ווירקליכקייט; א פאקטישע זאך, א פאקט.

mat'ter-of-fact' *a.* (מעט'-ער-אוו-פעקט') זאכליך; פאקטיש; ווירקליך [אין געגענזאץ צו אידעאליזירט אדער פאנטאסטיש]; געוועהנליך, דורכשניטליך; וואס האלט זיך אן דער ווירקליכקייט אדער אן פאקטען; פראזאאיש; פראקטיש.

mat'ter-of-fact' man (מעט'-ער-אוו-פעקט' מען) א פראקטישער מענש, א רעאליסט [אין געגענזאץ צו אידעאליסט].

mat'ter of life and death (מעט'-ער אוו לאיף ענד דעטה) א פראגע פון לעבען און טוים; א קריטישע לאגע [וואו עס שטעהט אין קאן דאס לעבען].

mat'ter of rec'ord (מעט'-ער אוו רעק'-ארד) אין יוריספרודענץ — עטוואס וואס איז פערשריבען, עטוואס וואס קען בעוויזען ווערען דורך אפיציעלע געריכטליכע דאקומענטען.

mat'tery *a.* (מעט'-ער-אי) מיט מאטעריע, אייטעריג; וויכטיג, בעדייטונגספול.

mat'ting *n.* (מעט'-אינג) ראגאזשעס, מאטען; מאטען-מאטעריאל; מאטען-עהנלי-

כע געפלעכט; א פאספארטו [א דיק פא-פיער מיט אן אויסשניט פאר'ן בילד אין א בילד-ראהם]; דאס מאכען מאט, אונ-פאלירט, אהן א גלאנץ [מעטאל]; א מאט-קייט [אויף מעטאלען].

mat'ting-tool *n.* (מעט'-אינג-טוהל) אן אינסטרומענט צו מאכען מעטאל אויסועהן מאט [אונפאלירט, אהן א גלאנץ].

mat'tock *n.* (מעט'-אק) א ברעך-האק, א ברעך-אייזען מיט א ברייטען ענד.

mat'tress *n.* (מעט'-רעס) א מאטראץ.

mat'tress-ma'ker *n.* (מעט'-רעס-מיי'- קער) א מאטראצען-מאכער.

mat'ty *n.* (מעט'-אי) ז. *matie*

matur'able *a.* (מע-טיור'-עבל) וואס קען ווערען צייטיג, רייף אדער פאלקאמען; וואס קען געבראכט ווערען צו אייטערונג.

mat'urant *n.* (מעט'-יו-רענט) אן איי-טערונגס-מיטעל [צום אנציהען א געשוויר און ארויסברייננגען אייטער].

mat'urate *v.* (מעט'-יו-רייט) ווערען צייטיג, רייף ווערען; צייטיג מאכען, רייף מאכען; אייטערען [ווענען א געשוויר].

matura'tion *n.* (מעט-יו-ריי'-שאן) דאס צייטיג ווערען, דאס רייף ווערען; אייטערונג, אייטער-אנציהונג.

matur'ative *a. and n.* (מע-טיור'-ע-טיוו) וואס מאכט רייף אדער צייטיג; וואס ציהט אן א געשוויר און רופט ארויס איי-טערונג; אן אייטערונגס-מיטעל.

mature' *a. and v.* (מע-טיור') רייף, צייטיג; פול ענטוויקעלט; פאלקאם, פאל-שטענדיג; אנגעצויגען, אייטערדיג [ווע-גען א געשוויר]; צאהלבאר, פעליג, וואס האט דערגרייכט דעם צאהלונגס-טערמין [ווענען חובות]; מאכען רייף אדער צייטיג; פערפאלקאמענען, פאלשטענדיג ענט-וויקלען; אנציהען אדער ברייננען צו איי-טערונג [א געשוויר]; רייף ווערען, פאל-קאם ווערען; ווערען אנגעצויגען אדער אייטערען [ווענען א געשוויר]; ווערען פעליג [ווענען חובות].

mature'ly *adv.* (מע-טיור'-לי) 1. אויף א רייפען, פול-ענטוויקעלטען אדער פאל-שטענדיגען אופן; 2. מיט פאלשטענדיגער איבערלעגונג, דורך און דורך.

2. Entering on war a government has to consider maturely its finances.

mature'ness *n.* (מע-טיור'-נעס) רייפ-קייט, צייטיגקייט; פאלשטענדיגע ענטוויק-לונג.

matures'cent *a.* (מעט-יו-רעס'-ענט) וואס האלט אין רייף ווערען.

matu'rity *n.* (מע-טיו'-רי-טי) רייפקייט, צייטיגקייט; פאלשטענדיגע ענטוויקלונג אדער אויסארבייטונג; צאהלבארקייט, פע-ליגקייט [פון א חוב]; אנגעצויגענקייט, אייטערדיגקייט [פון א געשוויר].

matu'tinal *a.* (מע-טיו'-טי-נעל) מאר-גענדיג, פריהמארגענדיג.

mat'weed *n.* (מעט'-הוויעד) ספארטא-גראז אדער ליגעאן [אזא פלאנצע וואס ווערט געברויכט פאר מאטען אדער ראָ-גאזשעס].

mat'work *n.* (מעט'-הוואירק) מאטען-ארבייט, ראגאזשע-ארבייט.

matz'oth *n.* (מעט'-סאוטה) מצות.

maud *n.* (מאהד) א גרויער געשטרייפטער פלעד [שאל] וואס מען טראגט אין שאט-לאנד; א רייזע-פלעד, א רייזע-שאל.

maude *n.* (מאהד) ז. *maud*

maud'lin *a. and n.* (מאהד'-לין) סענ-טימענטאל, צוקראכצו; וויינענדיג; שכור, נאריש-צוקראכצו [פון שכרות]; דער לע-בער-באלזאם [אזא שמעקעדיגע גראז-פלאנ-צע מיט געלבע בליטהען, וואקסט אין זיד-אייראפא].

maud'lin-drunk *a.* (מאהד'-לין-דראנק) וויינענדיג און סענטימענטאל-צו-קראכצו פון שכרות.

maud'linism *n.* (מאהד'-לין-איזם) קרענקליכע סענטימענטאליטעט, צוקראכצנ-קייט, דאס זיין א פערוויינטע נשמה.

maud'lin sen'timents (מאהד'-לין סענ'-טי-מענטס) סענטימענטאליטעט, צו-קראכצנקייט.

mau'gre *prep.* (מאהר'-גער) ניט קוקענ-דיג אויף, טראץ.

mau'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maul *n. and v.* (מאהל) א שווערער הילצערנער האמער; שלאגען מיט א האַ-מער אדער ווי מיט א האמער; צושלאגען, צוקאליעטשען; מאכען פארטיג מאכען.

maul'ey *n.* (מאהל'-אי) א קולאק, א פויסט.

mau'ling *n.* (מאה'-לינג) הארטע קלעפ.

maul'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maul'stick *n.* (מאהל'-סטיק) ז. *mahlstick*

maum *n. and a.* (מאהם) ז. *malm*

maun'der *v.* (מאהנ'-דער) ריידען מיט א וויינענדען קול [ווי א בעטלער]; מור-מלען; בורטשען; ריידען אונקלאר און אהן א טאלק [ווי א שכור]; פלוידערען נא-רישקייטען.

maun'derer *n.* (מאהנ'-דער-ער) א בורטשאדלע, א בורטשון, איינער וואס בורטשעט.

maun'dering *n.* (מאהנ'-דער-אינג) דאס בורטשען.

maun'dy *n.* (מאהנ'-די) די קריסטליכע צערעמאניע [אם גרין-דאנערשטאג] צו וואשען די פיס פון ארימע מענשען אלס זכר דערפון וואס קריסטוס האט, לויט דער לעגענדע, ביים לעצטען אבענדמאהל געוואַ-שען די פיס פון זיינע תלמידים.

Maun'dy Thurs'day (מאהנ'-די טהוירס'-דיי) גרין-דאנערשטאג.

ז. *maundy*

mausole'an *a.* (מאה-סא-לי'-ען) וואס איז שייך צו א מאוזאלעאום [א שעהנע געביידע איבער א קבר אדער איבער עט-ליכע, מעהרסטענטייל פאמיליען-קברים]; וואס איז שייך צו א מצבה.

mausole'um *n.* (מאה-סא-לי'-אם) א מאוזאלעאום [א פראכטפאלע געביידע אי-בער א קבר אדער קברים, א פראכטפאלער קבר, א פראכטפאלע מצבה].

mauve *n. and a.* (מאווו) די אנילין-פארב [רויטליך-וויאלעט]; רויטליך-וויא-לעט.

mav'erick *n. and v.* (מעווו'-ער-איק) אין די פיה-פיטערענדע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בהמה, וואס איז געפונען געווארען אהן א בראנדמארק פון דעם אייגענטימער; עטוואס וואס מען האט בעקומען אויף אן אונעהרליכען אדער אונגעזעצליכען אופן; כאפען א ניט-געבראנדמארקטע בהמה און ארויפלעגען אויף איהר אן אייגענעם בראנדמארק; ארייננקריגען אייגענטום אויף אן אונגעזעצליכען אדער אונעהרליכען אופן.

ma'vis *n.* (מיי'-ווים) די זינג-דראָסעל [א בעקאנט זינג-פויגעלע אין אייראפא].

mavor'tial *a.* (מע-וואהר'-שעל) קריע-געריש.

maw *n.* (מאה) דער מאגען [פון חיות]; דער קראפ, די וואליע [פון א פויגעל]; דער פענכער פון א פיש.

maw'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maw'kish *a.* (מאה'-קיש) עקעלהאפט, ווידערליך; ניט געשמאק, אבגעשמאקט.

maw'kishly *adv.* (מאה'-קיש-לי) אויף א ווידערליכען אדער עקעלהאפטען שטיי-גער.

maw'kishness *n.* (מאה'-קיש-נעס) ווי-דערליכקייט, עקעלהאפטיגקייט; אבגע-שמאקטקייט.

maw'-worm *n.* (מאה'-הוואירם) א מא-גען-ווארים; א בויך-ווארים.

maxil'la *n.* (מעקס-איל'-א) א קינבאק-ביין; דער אויבערשטער קינבאק-ביין.

max'illar *a.* (מעק'-סי-לאר) ז. *maxillary*

max'illary *a.* (מעק'-סי-לע-רי) וואס איז שייך צום קינבאקען-ביין.

max'illary ar'tery (מעק'-סי-לע-רי אר'-טע-רי) די קינבאק ארטעריע.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

max'im *n.* (מעק'-סים) א כלל, א פעסט-געשטעלטער פרינציפ, א גרונדזאץ.

That honesty is the best policy is an old maxim.

max'ima *n.* (מעק'-סי-מא) מאקסימום-צאהלען, מאקסימום-ווערטהען.

ז. *maximum*

max'imal *a.* (מעק'-סי-מעל) מאקסי-מאל, פון א מאקסימאלען אדער העכסטען ווערטה.

max'imally *adv.* (מעק'-סי-מעל-אי) ביז צום העכסטען גראד; ביז צו א מאק-סימאלען [העכסטען] ווערטה.

Max'im gun (מעק'-סים גאן) די מאק-סים ביקס [אן אויטאמאטיש שיסענדע ביקס, ערפונדען פון היראם מאקסים].

maximisa'tion *n.* (מעק-סי-מי-זיי'-שאן) ז. *maximization*

max'imise *v.* (מעק'-סי-מאיז) ז. *maximize*

max'imist *n.* (מעק'-סי-מיסט) איינער וואס האט ליעב צו געברויכען אנגענומע-נע אויסדריקע אדער כללים.

maximiza'tion *n.* (מעק-סי-מי-זיי'-שאן) דאס דערהויבען צו א מאקסימום אדער צו דעם העכסטען גראד.

max'imize *v.* (מעק'-סי-מאיז) דערהוי-בען ביז צו א מאקסימום אדער ביז צום העכסטען גראד; מאכען אזוי גרוים ווי מעגליך.

max'imum *a. and n.* (מעק'-סי-מאם) א מאקסימום; דער העכסטער גראד, די גרעס-טע צאהל; דער גרעסטער ווערטה; גרעסט, העכסט.

May *n.* (מיי) דער מאנאט מאי; דער פריהלינג פון לעבען.

may *v. and n.* (מיי) מעגען, קענען; מעג-ליך זיין; זיין ערלויבט; פייערען דעם מאי-טאג; די פייערונג פון מאי-טאג; דער וויים-דארן [ז. *hawthorn*].

May'-ap'ple *n.* (מיי'-עפל) דער מאי-עפעל [אזא אמעריקאנער פרוכט-פלאנצע].

may'be *adv.* (מיי'-בי) אפשר, פיליכט, מעגליך.

May'-bee'tle *n.* (מיי'-ביע'-טל) דער מאי-קעפער [אזא גרויסער שווארצער זשוק].

May'-bloom *n.* (מיי'-בלוהם) דער וויים-דארן. ז. *hawthorn*

May'-bug *n.* (מיי'-באג) ז. *May-beetle*

May'-bush *n.* (מיי'-בוש) ז. *May-bloom*

May'-day *n.* (מיי'-דיי) דער ערשטער מאי.

May'-dew *n.* (מיי'-דיו) דער מאי-טוי [וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער האט בעזונדערע אייגענשאפטען].

May'duke *n.* (מיי'-דיוק) דער מאי-קארש [אזא זארט זויערער קארש].

May'-flow'er *n.* (מיי'-פלאו'-ער) א מאי-בלום.

May'-fly *n.* (מיי'-פלאי) די מאי-פליג [אזא פליג וואס אין איהר לארוועז-צושטאנד לעבט זי אין וואסער און ווען זי וואקסט אויס פון דער לארווע לעבט זי א גאנץ קורצע צייט ביז זי לעגט אויס איהרע אייער].

May'-game *n.* (מיי'-גיים) מאי-שפיעל [אונטערהאלטונג אין שפיעל פון ערשטען מאי]; פרעהליכקייט, לוסטיגקייט; איינער וואס נעהמט אנטייל אין מאי-שפיעל.

may'hap *adv.* (מיי'-העפ) אפשר, פיילייכט, מעגליך.

may'hem *n.* (מיי'-העם) א פערברעכען וואס בעשטעהט אין פערוואונדען אימעצען אדער איהם מאכען פאר א קאליקע.

May'-hill *n.* (מיי'-היל) א שווער שטיקעל צייט; א קריטישער מאמענט.

may'ing *n.* (מיי'-אינג) דאס פייערען דעם ערשטען מאי [דורך זאמלען בלומען אדער דורך פערשיעדענע אונטערהאלטונגען].

May'-la'dy *n.* (מיי'-ליי'-די) ז. *May-queen*.

May'-lil'y *n.* (מיי'-ליל'-אי) דאס מאי בלימעל, די טהאל-ליליע.

May'-morn *n.* (מיי'-מאהרן) דער מאי-מארגען; פרישקייט, יוגענד-פרישקייט.

mayonnaise' *n.* (מיי-אנ-אייז') אזא סאוס געמאכט פון רויהע אייער-געלכליך מיט אליוועז-אויל און ציטראן-זאפט.

may'or *n.* (מיי'-אר) א בירגער-מייסטער, א שטאדט-הויפט.

may'oral *a.* (מיי'-אר-על) וואס איז שייך צו א בירגער-מייסטער אדער צו זיין אמט.

may'oralty *n.* (מיי'-אר-על-טי) דאס אמט פון א בירגער-מייסטער, די אמטפיהרונג פון א בירגער-מייסטער.

may'oress *n.* (מיי'-אר-עס) א בירגער-מייסטערין, די פרוי פון א בירגער-מייסטער.

may'orship *n.* (מיי'-אר-שיפ) דאס אמט אדער ווירדע פון א בירגער-מייסטער.

May'-pole *n.* (מיי'-פאול) דער מאי-בוים [א הויכער שטאנג בעפוצט מיט בלומען און בענדער, ארום וועלכען מען פלעגט טאנצען ביי די שפיעל-אונטערהאלטונגען פון ערשטען מאי].

May'-queen *n.* (מיי'-קוויען) די מאי-קעניגין [א מיידעל אדער יונגע פרוי, וועלכע פלעגט געקרוינט ווערען מיט א בלומען-קראנץ אלס די קעניגין פון די שפיעל-אונטערהאלטונגען פון דעם ערשטען מאי].

may'thorn *n.* (מיי'-טהארן) דער ווייס-דארן. ז. *hawthorn*.

may'weed *n.* (מיי'-וויעד) די הונדס-קאמילע אדער הונדס-ראמאשקע [אזא גראז מיט געלבע בלימלעך און ווייסע ראנדען מיט א זעהר שארפען ריח].

Maz'agan *n.* (מעז'-ע-גען) א מין קליינע בעבלעך.

maz'ard *n.* (מעז'-ארד) אזא שווארצער ווילדער קארש וואס וואקסט אין איירָאפא.

mazarine' *n. and v.* (מעז-ע-רין') א טיעף-בלויער קאליר; א קליינע שיסעל ווען זי ווערט אריינגעשטעלט אין א גרעסערער; בעפוצען מיט שפיצען [קרוזשעווע] אויף א געוויסען אופן.

Maz'deism *n.* (מעז'-די-איזם) מאצדע-איזם [די אלטע פערזישע רעליגיאן].

maze *n. and v.* (מייז) א לאבירינט; א פערווירונג, א פערפלאנטערונג; א צומישונג, א פערלעגענהייט; צומישען, פערווירען, בריינגען אין פערלעגענהייט.

ma'zer *n.* (מיי'-זער) א גרויסער הילצערנער טרינק-בעכער.

ma'zily *adv.* (מיי'-זי-לי) אויף א פערווירענדען אדער צומישענדען אופן; דרעהענדיג זיך הין און הער ווי א לאבירינט; מיט פערלעגענהייט.

ma'ziness *n.* (מיי'-זי-נעס) פערווירטקייט, צומישטקייט; פערפלאנטערונג; פערלעגענהייט.

mazol'ogy *n.* (מע-זאל'-א-דזשי) ז. *mammalogy*.

mazur'ka *n.* (מע-זור'-קא) א מאזורקא [אזא טאנץ]; די מוזיק פון א מאזורקא.

ma'zy *a.* (מיי'-זי) צומישט, פערווירט, פערפלאנטערט.

Mc אבקירצונג פון *Mac.*

M. C. ראשי תבות פון די ווערטער *Member of Congress*

Mch. אן אבקירצונג פון *March*

Md. אבקירצונג פון ווארט *Maryland* (מער'-אי-לענד) [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

M. D. ראשי תבות פון די ווערטער *Medicinæ Doctor* אדער *Medical Doctor* [א דאקטאר, א מעדיקער].

Mdm. אן אבקירצונג פון *Madam*

M. E. ראשי תבות פון די ווערטער *Methodist Episcopal,* פון *Mining Engineer* אדער פון *Mechanical Engineer*

me *pr.* (מי) מיך, מיר.

mead *n.* (מיעד) מעד, האניג-וואסער; א לאנקע, א גראז-פלאץ.

mead'ow *n.* (מעד'-או) א לאנקע, א גראז-פלאץ.

mead'ow-clo'ver *n.* (מעד'-או-קלאו'-ווער) קלעווער [אזא מין גראז].

mead'ow-fox'tail *n.* (מעד'-או-פאקס-טייל) פיקסען-עק-גראז [אזא מין גראז]. ז. *foxtail*.

mead'ow-grass *n.* (מעד'-או-גרעס) לאנקע-גראז, פיטערונגס-גראז.

mead'ow-ground *n.* (מעד'-או-גראונד) ז. *meadow-land*.

mead'ow-land *n.* (מעד'-או-לענד) גראז-לאנד, לאנקעס.

mead'ow-lark *n.* (מעד'-או-לארק) די פעלד-לערכע [אן אמעריקאנער פויגעל. די אויבערשטע טיילען זיינע זיינען גרוי, ברוין און שווארץ, די אונטערשטע טיילען זיינען העל-געלב מיט א שווארצען צייכען אין דער פארם פון א פאדקאווע אויף דער ברוסט].

mead'ow-mouse *n.* (מעד'-או-מאוס) אזא פעלד-מויז אין נארד-אמעריקא.

mead'ow-ore *n.* (מעד'-או-אור) זומפ-אייזען [אזא זארט אייזען-ערץ].

mead'ow-pink *n.* (מעד'-או-פינק) די פעלד-נעלקע [אזא בלום].

mead'ow-rue *n.* (מעד'-או-רוה) ווייזען-קרויט [אזא גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס].

mead'ow-saf'fron *n.* (מעד'-או-סעפ'-ראן) ווייזען-זאפראן [אזא גראז וואס איז עהנליך צו זאפראן].

mead'ow-sage *n.* (מעד'-או-סיידזש) די ווייזען-זאלביי [אזא בלום וואס וואקסט אויף לאנקעס].

mead'ow-sax'ifrage *n.* (מעד'-או-סעק'-סי-פרעדזש) די זענעל-בלום; די פעפער-בלום.

mead'ow-sweet *n.* (מעד'-או-סהוויעט) די ווייזען-קעניגין [א מין גראז-ארטיגע איירָאפּעאישע און אמעריקאנישע גארטען-פלאנצע מיט לאנגע צייהניג-געקארבטע בלעטער און מיט פיעל ווייסע זעהר שמעקענדע בלימלעך].

Meadow-sweet

mead'owwort *n.* (מעד'-או-וואירט) ז. *meadow-sweet*.

mead'owy *a.* (מעד'-א-אי) וואס איז שייך אדער עהנליך צו לאנקעס; וואס בעשטעהט פון לאנקעס.

mea'ger *a.* (מיע'-גער) מאגער; דאר; אונפרוכטבאר; מאנגעלהאפט, ארעמזעליג, שוואך; ניט גענוגענד.

mea'ger day (מיע'-גער דיי) א פאסט-טאג.

mea'gerly *adv.* (מיע'-גער-לי) מאגער; דאר; אונפרוכטבאר; מאנגעלהאפט; ארעמזעליג; שוואך.

mea'gerness *n.* (מיע'-גער-נעס) מאגערקייט; דארקייט; מאנגעלהאפטיגקייט; אונפרוכטבארקייט; ארעמזעליגקייט; שוואכקייט.

mea'gre *a.* (מיע'-גער) ז. *meager*.

mea'grely *adv.* (מיע'-גער-לי) ז. *meagerly*.

mea'greness *n.* (מיע'-גער-נעס) ז. *meagerness*.

meal *n. and v.* (מיעל) א מאהלצייט; מעהל; צומאהלען אויף מעהל.

meal'-bee'tle *n.* (מיעל'-ביע'-טל) דער מעהל-קעפער אדער דער מעהל-זשוק [זיין לארווא איז שעדליך נאר מעהל].

mea'liness *n.* (מיע'-לי-נעס) מעהליגקייט, דאס זיין מעהליג; ווייכקייט.

mea'ling-stone *n.* (מיע'-לינג-סטאון) א מיהל-שטיין פון א האנד-מיהל.

meal'man *n.* (מיעל'-מען) א מעהל-הענדלער.

meal'monger *n.* (מיעל'-מאנ-גער) ז. *mealman*.

meal'-moth *n.* (מיעל'-מאטה) א מעהל-פליעגעלע.

meal'-mouthed *a.* (מיעל'-מאוטהד) ז. *mealy-mouthed*.

meal'-time *n.* (מיעל'-טאים) די צייט פון עסען.

meal'-tub *n.* (מיעל'-טאב) א מעהל-קאסטען.

meal'-worm *n.* (מיעל'-הווארם) א

מעהל=ווארים [די לארווא פון דעם מעהל=זשוק]. ז. *meal-beetle*

mea'ly *a.* (מיע'-לי) מעהליג, ווי מעהל; בעשטויבט מיט מעהל אדער ווי מיט מעהל; גלאט=צונגיג, זיס=ריידעוודיג, היפאקריטיש.

mea'ly-mouthed *a.* (מיע'-לי-מאוטהט) זיס=ריידעוודיג, גלאט=צונגיג, אונאויפריכטיג, היפאקריטיש.

mea'ly-mouthed'ness *n.* (מיע'-לי-מאוטהד'-נעס) גלאט=צונגיגקייט, זיס=ריידעוודיגקייט, אונאויפריכטיגקייט, היפאקריטיזם.

mea'ly-tree *n.* (מיע'-לי-טריע) דער מעהל=בוים [אזא בוים וואס זיינע יונגע צווייגען און בלעטער זיינען בעדעקט ווי מיט א מעהליגען שטויב].

mean *v., a. and n.* (מיען) מיינען; דענקען; דייטען; פראסט, געמיין; נידריג, פערעכטליך, נידערטרעכטיג; קארג; פון נידריגען ווערטה; וואס איז אין א מיטעל=צושטאנד; מיטעלמעסיג; צווישענצייטיג, דערווייליג; דורכשניטליך [ווע־גען מאס, צאהל א. ד. ג.]; מיטעלמעסיגקייט; דער מיטען; א מיטעלווערטה, א דורכשניט; א מיטעל=שטימע [ווי טענאר אדער אלטא]; די צווייטע אדער דריטע סטרונע פון אן אלט [אזא גרויסער פידעל].

mean busi'ness (מיען ביז'-נעס) זיך בעציהען ערנסט צו עטוואס, האבען ברעה ווירקליך עטוואס צו טהאן.

mean'der *n. and v.* (מי-ען'-דער) א געדרעהטער וועג אדער דורכגאנג; א לאבירינט; אן ארנאמענט, וואס בעשטעהט פון ליניען וועלכע דרעהען זיך הין און הער; זיך דרעהען הין און הער; מאכען אן אויבערפלעכליכע אויסמעסטונג פון א געגענד.

mean'drian *a.* (מי-ען'-דרי-ען) זיך דרעהענד; זיך שלענגלענדיג.

mean'drically *adv.* (מי-ען'-דרי-קעל-אי) זיך דרעהענדיג, זיך שלענגלענדיג.

mean'drine *a.* (מי-ען'-דרין) ז. *meandrous*

mean'drous *a.* (מי-ען'-דראס) געדרעהט, געשלענגעלט.

mea'ning *n. and a.* (מיע'-נינג) א מיינונג, אבזיכט, א כונה; א בעדייטונג, א זין; בעדייטונגספול.

mea'ningful *a.* (מיע'-נינג-פול) בעדייטונגספול.

mea'ningless *a.* (מיע'-נינג-לעס) בעדייטונגסלאז; זינלאז, אונזיניג.

mea'ningly *adv.* (מיע'-נינג-לי) בעדייטונגספול; אבזיכטליך.

mea'ningness *n.* (מיע'-נינג-נעס) בעדייטונג, בעדייטזאמקייט.

mean'ly *adv.* (מיענ'-לי) אויף א געמיינעם אופן; געמיין; נידריג; נידערטרעכטיג; מיט בעליידיגונג, מיט פעראכטונג.

mean'ness *n.* (מיענ'-נעס) נידריגקייט, געמיינהייט; נידערטרעכטיגקייט; קארגקייט; קליינליכקייט.

mean propor'tional (מיען פרא-פאור'-שאנ-על) אין מאטעמאטיק — די מיטעלע פראפארציאנאלע, געאמעטרישער מיטעל=ווערטה.

means *n.* (מיענז) מיטלען.

mean speed (מיען ספיעד) דורכשניטליכע געשווינדקייט.

mean'-spir'ited *a.* (מיענ'-ספיר'-אי-טעד) נידערטרעכטיג, געמיין.

meant (מענט) געמיינט, געדענקט. ז. *mean*

mean'time *adv. and n.* (מיענ'-טאים) אונטערדעסען, דערווייל; די צווישענצייט.

mean voice (מיען וואיס) א צווישען=שטימע, א מיטעל=שטימע [ווי טענאר אדער אלטא].

mean'while *adv. and n.* (מיענ'-הוואיל) ז. *meantime*

mease *n.* (מיעז) די צאהל פון 500 הערינג.

mea'sle *n.* (מיעזל) די לארווע פון וועלכער עס ענטוויקעלט זיך דער ווארעם וואס פעראורזאכט מאזלען=קראנקהייט ביי חזירים; אזא מאזעל=ארטיגער פלעק אויף פלאנצען=בלעטער.

mea'sled *a.* (מיעזלד) וואס איז אנגעגריפען פון מאזלען.

mea'sles *n.* (מיעזלז) מאזלען; מאזעל=ארטיגע פלעקען אויף בלעטער פון פלאנצען [אזא פלאנצען=קראנקהייט]; מאזלען=קראנקהייט ביי חזירים.

mea'sle-worm *n.* (מיע'זל-הוואירם) דער ווארעם וואס פעראורזאכט די מאזלען=קראנקהייט ביי חזירים.

mea'sly *a.* (מיע'-זלי) וואס איז אנגעגריפען פון מאזלען; נידריג, געמיין, פעראכטליך.

meas'urable *a.* (מעזש'-אור-עבל) מעסטבאר, וואס מען קען מעסטען אדער אויסמעסטען; מעסיג [ניט גרוים].

meas'urableness *n.* (מעזש'-אור-עבל-נעס) מעסטבארקייט, דאס קענען געמאסטען ווערען.

meas'urably *adv.* (מעזש'-אור-ע-בלי) אויף א מעסטבארען אופן; מעסיג [ניט גרוים], אין א מעסיגען גראד.

meas'ure *n. and v.* (מעזש'-אור) א מאס; א פערהעלטניס, א מאסשטאב; א מאסרעגעל; פערזען=מאס אדער ריטם=מאס [אין געדיכטע]; אין מוזיק — צייט=מאס, טאן=מאס, טאקט; מעסטען, אויסמעסטען; אנטקעגען שטעלען, קאנקורירען; פערגלייכען; דורכמעסטען אדער דורכגעהן א פלאץ.

meas'ured *a.* (מעזש'-אורד) געמאסטען, אויסגעמאסטען; איינגעטיילט מיט א מאס, אבגעמאסטען, בעגרענצט; מעסיג; ריטמיש.

meas'ureless *a.* (מעזש'-אור-לעס) וואס קען ניט אויסגעמאסטען ווערען, אהן מאס; אונבעגרענצט, אונבעשרענקט.

meas'urelessness *n.* (מעזש'-אור-לעס-נעס) דאס ניט קענען אויסגעמאסטען ווערען; אונמעסיגקייט.

meas'urement *n.* (מעזש'-אור-מענט) דאס מעסטען, א מאס=סיסטעם; די מאס.

meas'ure of a num'ber (מעזש'-אור אוו ע נאמ'-בער) א צאהל, וועלכע טיילט אן אנדער צאהל אהן א רעסט [צ. ב. די צאהל 3 אין 15 א. ד. ג.].

meas'ure of capac'ity (מעזש'-אור אוו קע-פעס'-אי-טי) א קאפאציטעטס=מאס [א מאס ווי א קווארט, ליטער א. ד. ג. צו מעסטען פליסיגקייטען ווי אויך געוויסע טרוקענע ארטיקלען].

measure one's length (מעזש'-אור הוואנז לענגטה) זיך אויסציהען ווי לאנג מען איז, פאלען מיט דער גאנצער לענג.

meas'urer *n.* (מעזש'-אור-ער) א מעסטער; א פעלד=מעסטער, א קאמארניק.

meas'ure strength (מעזש'-אור סטרענגטה) זיך מעסטען מיט די קרעפטען.

meas'ure swords (מעזש'-אור סאורדז) פעכטען מיט שווערדען.

meas'uring cast (מעזש'-אור-אינג קעסט) א ווארף אין א שפיעל וואס איז אזוי עהנליך צו א צווייטען, אז מען קען זיי ניט אונטערשיידען מיט'ן אויג, נאר מען מוז מאכען אן אויסמעסטונג; עטוואס וואס איז אין צווייפעל.

meas'uring-chain *n.* (מעזש'-אור-אינג-טשיין) א מעסט=קייט [צו מעסטען לאנד].

meas'uring-glass *n.* (מעזש'-אור-אינג-גלעס) א מעסט=גלאז [א גלעזערנע כלי איינגעטיילט אין גראדען, וועלכע ווערט בענוצט פון כעמיקער אדער אפטייקער צו מעסטען פליסיגקייטען].

meas'uring-line *n.* (מעזש'-אור-אינג-לאין) א מעסט=שנור.

meas'uring-machine' *n.* (מעזש'-אור-אינג-מע-שין') א מעסט=מאשין [פאר לענג=מעסטונגען].

meas'uring-worm *n.* (מעזש'-אור-אינג-הוואירם) א ווארעם וואס בעוועגט זיך פארווערטס דורך איינציהען זיך און אויסציהען זיך.

meat *n.* (מיעט) פלייש; דער עסבארער טייל פון עפעס [ווי פון אן איי, א נוס א. ז. וו.]; א מאהלצייט.

mea'tal *a.* (מי-איי'-טעל) וואס איז שייך צו א קאנאל אין קערפער. ז. *meatus*

meat'-chop'per *n.* (מיעט'-טשאפ'-ער) א האק=מעסער צום האקען פלייש.

mea'ted *a.* (מיע'-טעד) מיט פלייש, וואס האט פלייש, א פליישיגען אדער עסבארען טייל.

meat'-fly *n.* (מיעט'-פלאי) די פלייש=פליעג [אזא פליעג וואס לעגט איהרע אייער אויף פלייש, מיט וואס די שפעטערדיגע פליגלען=ווערימלעך וואס קומען ארוים פון די אייער, שפייזען זיך].

mea'tiness *n.* (מיע'-טי-נעס) פליישיגקייט; דאס האבען אן עסבארען, ווייכען טייל [ווי אן איי, א נוס א. ז. וו.]; נאהרהאפטיגקייט; דאס האבען אינהאלט [ווי א געשפרעך], בעדייטונגספול.

meat'-jack *n.* (מיעט'-דזשעק) א בראט=שפיעז.

meat'less *a.* (מיעט'-לעס) אהן פלייש; אהן נאהרונג, אהן שפייז.

meat'-mar'ket *n.* (מיעט'-מאר'-קעט) א פלייש=געשעפט; א פלייש=מארק.

meat'-of'fering *n.* (מיעט'-אפ'-ע-רינג) א שפייז=אפפער [א קרבן מנחה].

meat'-pie *n.* (מיעט'-פאי) א פלייש=קוכען, א פלייש=פיראג.

meat'-safe *n.* (מיעט'-סייף) א פלייש=קאמער, א פלייש=אלמער.

meat'-tea *n.* (מיעט'-טיע) א טהעע=מאהלצייט ביי וועלכען מען עסט פלייש=שפייזען.

mea'tus *n.* (מי-איי'-טאס) א קאנאל אין קערפער [ווי דער אורין=קאנאל א. ד. ג.].

mea'ty *a.* (מיע'-טי) פליישיג; וואס האט א סך פלייש; נאהרהאפט; אינהאלטסרייך.

Mec'can *a. and n.* (מעק'-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט מעקא [א הייליגע שטאדט אין אראביען, וואו מאכמעד איז געבארען געווארען און וואוהין די מאכמעדאנער זיינען עולי לרגל]; אן איינוואהנער פון מעקא.

mech. אן אבקירצונג פון די ווערטער *mechanical* אדער *mechanics*

mechan'ic *n. and a.* (מי-קענ'-איק) א בעל=מלאכה, א מעכאניקער, א מאשיניסט; איינער וואס ארבייט מעכאניש,

מאשין־מעסיג, אויטאמאטיש [אהן קאפ, אהן געפיהל]; מעכאניש; מאשין־מעסיג; וואס איז שייך צו מעכאניק; וואס איז שייך צו האנדווערק אדער מלאכה; מאטעריאליסטיש, אטאמיסטיש [ז. *materialism*]; איינפאך; גראב, וואולגאר.

mechan'ical *a.* (מי־קען׳־אי־קעל) מעכאניש, וואס איז שייך צו מעכאניק; וואס איז שייך צו א מעכאניזם אדער מאשין; וואס איז געשאפען דורך א מאשין; מאטעריאליסטיש [ז. *materialism*]; וואס ברייננט נור א מעכאנישע ענדערונג אין שטאף [א קוואנטיטאטיווע אדער אויסערליכע ענדערונג, אבער ניט קיין קוואליטאטיווע]; וואס ווערט ערהאלטען דורך א מעכאנישען עקספערימענט; וואס האט א טאלאנט פון א מעכאניקער; וואס טהוט די ארבייט פון א מעכאניקער; וואס ווערט געטהאן מעכאניש, מאשין־מעסיג אדער אויטאמאטיש; איינפאך, גראב, וואולגאר.

mechan'ical engineer' (מי־קען׳־אי־קעל ען־דזשי־ניער׳) א מאשינען־אינזשינער.

mechan'ical engineer'ing (מי־קען׳־אי־קעל ען־דזשי־ניער׳־אינג) די אינזשינער־קונסט פון מאשינען־בוי.

mechan'ical force (מי־קען׳־אי־קעל פאורס) מעכאנישע אדער בעוועגענדע קראפט.

mechan'ically *adv.* (מי־קען׳־אי־קעל־אי) אין איינקלאנג מיט די פרינציפען פון מעכאניק; פון א מעכאנישען שטאנדפונקט, לויט דער מעכאנישער קאנסטרוקציאן; דורך מעכאנישער קראפט; אויף א מעכאנישען אופן, אזוי ווי א מאשין, אזוי ווי אן אויטאמאט [אהן קאפ, אהן געפיהל]; אויף אן אופן וואס ברייננט נור א מעכאנישע ענדערונג אין שטאף [א קוואנטיטאטיווע אדער אויסערליכע ענדערונג, ניט קיין קוואליטאטיווע].

mechan'ical mix'ture (מי־קען׳־אי־קעל מיקס׳־טשור) א מעכאנישע מישונג [א מישונג פון שטאפען ביי וועלכער די כעמישע אייגענשאפטען פון די שטאפען ווערען ניט געענדערט].

mechan'icalness *n.* (מי־קען׳־אי־קעל־נעס) דאס זיין מעכאניש אדער מאשין־מעסיג.

mechan'ical philos'ophy (מי־קען׳־אי־קעל פי־לאס׳־א־פי) די מאטעריאליסטישע פילאזאפיע [ז. *materialism*]; די פיזיק אלס באזיס פון דער פילאזאפיע.

mechan'ical pow'ers (מי־קען׳־אי־קעל פאו׳־ערז) איינפאכע מאשינען; מעכאנישע פאטענצען [מאשינען־טיילען, וועלכע געפינען זיך אין יעדער מאשין].

mechan'ical prin'ter (מי־קען׳־אי־קעל פרינ׳־טער) ז. *type-writer*.

mechan'ic arts (מי־קען׳־איק ארטס) מעכאנישע קינסטע, אומנות, מלאכה.

mechani'cian *n.* (מעק־ע־ניש׳־ען) א מעכאניקער, א מאשיניסט.

mechanicochem'ical *a.* (מי־קען־אי־קאו־קעמ׳־אי־קעל) וואס ווירקט פיזיקאליש און כעמיש [ווי עלעקטריציטעט, למשל].

mechan'ics *n.* (מי־קען׳־איקס) מאשינען־לעהרע; מעכאניק, די טעאריע פון בעוועגונג.

mech'anism *n.* (מעק׳־ע־ניזם) א מעכאניזם, א מאשינעריע.

mech'anist *n.* (מעק׳־ע־ניסט) א מעכאניקער, א מאשיניסט.

mech'anize *v.* (מעק׳־ע־נאיז) מאכען מעכאניש; אויסארבייטען די מעכאנישע איינצעלהייטען [פון עטוואס].

mech'anizer *n.* (מעק׳־ע־נאי־זער) אן אנהענגער פון א מעכאנישער ארדנונג אדער סיסטעם; א פארמאליסט.

mechanog'raphy *n.* (מעק־ע־נאג׳־רע־פי) די קונסט צו מאכען קאפיעס פון שריפטען, קונסט־ווערק א. ז. וו. מיט דער הילף פון א מאשין.

Mech'lin *a.* and *n.* (מעק׳־לין) וואס ווערט פראדוצירט אין דער שטאדט מעכלען, אין בעלגיען; איינזאץ, שפיצען [קרוזשעווע] וואס זיינען פאבריצירט אין מעכלען.

mecon'ic *a.* (מי־קאן׳־איק) וואס קומט פון מאהן אדער אפיום.

mecon'ic ac'id (מי־קאן׳־איק עס׳־איד) מעקאן־זויערע [אן ארגאנישע זויערע וואס געפינט זיך אין אפיום].

meco'nium *n.* (מי־קאו׳־ני־אם) דער־דרעק [די צאה פון א ניי־געבארענעם קינד].

med. אן אבקירצונג פון *medicine* אדער פון *medical*.

med'al *n.* (מעד׳־על) א מעדאל.

med'alist *n.* (מעד׳־על־איסט) א מעדאלען־זאמלער; איינער וואס מאכט מעדאלען; איינער וואס האט געקראגען א מעדאל.

medal'lic *a.* (מי־דעל׳־איק) וואס געהערט צו מעדאלען.

medal'lion *n.* (מי־דעל׳־יאן) א גרויסער מעדאל; א מעדאליאן.

med'allist *n.* (מעד׳־על־איסט) ז. *medalist*.

med'dle *v.* (מעדל) זיך אריינמישען.

med'dler *n.* (מעד׳־לער) איינער וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlesome *a.* (מעד׳ל־סאם) וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlesomeness *n.* (מעד׳ל־סאמ־נעס) דאס אריינמישען זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dling *a.* and *n.* (מעד׳־לינג) וואס מישט זיך אריין אין פרעמדע עסקים; דאס אריינמישען זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlingly *adv.* (מעד׳־לינג־לי) אריינמישענדיג זיך אין פרעמדע עסקים.

me'dia *n.* (מי׳־די־א) מעדיומס [ז. *medium*]; דער מיטעלסטער שיכט פון אן ארטעריע.

mediæ'val *a.* and *n.* (מי־די־איע׳־וועל) ז. *medieval*.

mediæ'valism *n.* (מי־די־איע׳־וועל־איזם) ז. *medievalism*.

mediæ'valist *n.* (מי־די־איע׳־וועל־איסט) ז. *medievalist*.

mediæ'valize *v.* (מי־די־איע׳־וועל־איז) ז. *medievalize*.

mediæ'vally *adv.* (מי־די־איע׳־וועל־אי) ז. *medievally*.

me'dial *a.* (מי׳־די־על) וואס איז שייך צום מיטען; וואס געפינט זיך אין מיטען צווישען צוויי עקסטרעמען; מיטעלמעסיג, געמיין; אין ספיריטיזם — וואס איז שייך צו א מעדיום אדער פערזאן, אויף וועלכער עס ווירקען אונמיטעלבאר געהיימניספאלע קרעפטע און גייסטער.

me'dian *a.* (מי׳־די־ען) וואס איז שייך צום מיטען; וואס איז געשטעלט אין מיטען.

me'dian plane (מי׳־די־ען פליין) אין אנאטאמיע — די פלאכע וואס צוטיילט א קערפער אין דער לענג אויף צוויי סימעטרישע העלפטען.

me'diant *n.* (מי׳־די־ענט) אין מוזיק — די מעדיאנטע, די טערץ [דער דריטער טאן פון גרונד־טאן].

me'diate *v.* and *a.* (מי׳־די־אייט) פערנעהמען א מיטעל־שטעלע; דיענען אלס מיטעל אדער פערמיטלער; פערמיטלען, זיך שטעלען אין מיטען, זיך אריינמישען; אין ספיריטיזם — דיענען אלס מעדיום אדער פערזאן אויף וועלכער עס ווירקען אונמיטעלבאר געהיימניספאלע קרעפטע און גייסטער; וואס געפינט זיך אין מיטען; מיטעלבאר; וואס דיענט אלס מיטעל אדער פערמיטלער; וואס דיענט אלס מעדיום [אין ספיריטיזם].

me'diate agglutina'tion (מי׳־די־אייט עג־לו־טי־ניי׳־שאן) אין כירורגיע — דאס מיטעלבארע בעהעפטען די אויפגעשניטענע טיילען פון קערפער אדער די ליפען פון א וואונד, אריינלעגענדיג צווישען זיי וועלכען ניט איז שטאף.

me'diate ausculta'tion (מי׳־די־אייט אהס־קאל־טיי׳־שאן) דאס אויסהערען א קראנקען ניט דירעקט מיט׳ן אויער, נאר מיט א געוויסען אינסטרומענט.

me'diate cer'tainty (מי׳־די־אייט סויר׳־טענ־טי) א מיטעלבארע געוויסהייט, א זאך וועלכע מען האלט פאר געוויס אויף׳ן גרונד פון ערפאהרונג אדער לאגישער שלוס־פאלגערונג. ז. *immediate certainty*.

me'diate ev'idence (מי׳־די־אייט עווי׳־אי־דענס) אין געריכטס־פראצעסען — אזא ארט עדות־זאגונג, וועלכע דערווייזט ניט דירעקט דעם פאקט וואס מען דארף דערווייזען, נאר האט אן אונדירעקטע שייכות צו איהם.

me'diate knowl'edge (מי׳־די־אייט נאל׳־עדזש) דאס וויסען וואס ווערט ערווארבען ניט דירעקט אדער אונמיטעלבאר [ווי למשל, אז שווארץ איז ניט ווייס], נאר דורך געוויסע ערפאהרונגען און לאגישען דענקען.

me'diately *adv.* (מי׳־די־אייט־לי) אויף א מיטעלבארען שטייגער; זיך אריינלעגענדיג צווישען; זיך אריינמישענדיג אין מיטען.

me'diateness *n.* (מי׳־די־אייט־נעס) דאס זיין מיטעלבאר; דאס לעגען זיך אין מיטען; דאס פערמיטלען; דאס אריינמישען זיך.

media'tion *n.* (מי־די־איי׳־שאן) דאס אריינמישען זיך; דאס אריינלעגען זיך צווישען; פערמיטלונג; שתדלנות; אין מוזיק — דער טייל פון א מעלאדיע, וועלכער ליגט צווישען דער אינטאנאציע און דער ענדונג; דער הויפט טייל פון א נגון.

me'diative *a.* (מי׳־די־איי־טיוו) וואס דיענט אלס מיטעל אדער פערמיטלער.

mediatiza'tion *n.* (מי־די־ע־טי־זיי׳־שאן) מעדיאטיזירונג, דאס אונטערווארפען א קלענערע מלוכה אונטער א גרעסערע. ז. *mediatize*.

me'diatize *v.* (מי׳־די־ע־טאיז) מעדיאטיזירען, אונטערווארפען א קלענערע מלוכה אונטער א גרעסערער [בנוגע צו די פערשיעדענע מלוכות פון דייטשלאנד. אמאל זיינען אלע דייטשע גרעסערע און קלענערע מלוכות געווען גלייכבערעכטיגטע טיילען פון דער אלגעמיינער דייטשער אימפעריע. שפעטער זיינען די קליינע מלוכות׳לעך מעדיאטיזירט געווארען, ד. ה. זיי האבען אויפגעהערט צו זיין זעלבסטשטענדיגע טיילען פון דער דייטשער אימפעריע מיט אייגענער מאכט און פעראנטווארטליכקייט, נאר זיינען אונטערגעוואר־

פעז געווארען אונטער די שכנ'ישע גרעסערע מלוכות, פערבלייבענדיג זעלבסטשטענדיג נור אין זייערע לאקאלע ענגעלעגענהייטען].

me'diator *n.* (מי'-די-איי-טאר) א פערמיטלער; איינער וואס מישט זיך אריין; איינער וואס לעגט זיך אריין צו מאכען א פשרה; אן אגענט, א פאקטאר.

mediato'rial *a.* (מי-די-ע-טאו'-רי-על) פערמיטלעריש; וואס געהערט צו א פערמיטלער.

mediato'rially *adv.* (מי-די-איי-טאו'-רי-על-אי) דורך פערמיטלונג; אויף א פערמיטלערישען שטייגער.

me'diatorship *n.* (מי'-די-איי-טאר-שיפ) פערמיטלערשאפט; דאס אמט אדער די שטעלע פון א פערמיטלער.

me'diatory *a.* (מי'-די-איי-טא-רי) ז. *mediatorial*.

me'diatress *n.* (מי'-די-איי-טרעס) א פערמיטלעריז, א מעקלעריז.

media'trix *n.* (מי-די-איי'-טריקס) ז. *mediatress*.

med'ic *n.* (מעד'-איק) א דאקטאר; איינער וואס שטודירט מעדיצין; לוצערן אדער אלפאלפא [אזא גראז]. ז. *lucerne*.

med'icable *a.* (מעד'-אי-קעבל) היילבאר; וואס מען קען היילען.

med'ical *a. and n.* (מעד'-אי-קעל) מעדיציניש; וואס איז שייך צו מעדיצין; איינער וואס שטודירט מעדיצין; א קליין גלעזערן פלעשעל.

med'ical advice' (מעד'-אי-קעל עד-וואיס') ערצטליכע הילף, אן עצה פון א דאקטאר.

med'ical board (מעד'-אי-קעל באורד) דער דאקטוירים=ראטה.

med'ical jurispru'dence (מעד'-אי-קעל דזשוה-ריס-פרוה'-דענס) געריכטליכע מעדיצין [דער טייל פון יוריספרודענץ וואס האט א שייכות צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט, ווי די פראגען וועגען וואונדען, גיפט, משוגעת'ען א. ז. וו.].

med'ically *adv.* (מעד'-אי-קעל-אי) אויף א מעדיצינישען אופן; מיט א מעדיצינישען צוועק; בנוגע צו מעדיצין.

med'ical man (מעד'-אי-קעל מען) א דאקטאר, א כירורג; אין ענגלאנד — א רופא, וועלכער האט ניט קיין דאקטאר=דיפלאם.

med'icament *n.* (מעד'-אי-קע-מענט) א מעדיקאמענט, א הייל=מיטעל, א רפואה; מעדיצינישע ווירקונג; הייל=קראפט.

medicamen'tal *a.* (מעד-אי-קע-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו א רפואה; היילזאם.

medicamen'tally *adv.* (מעד-אי-קע-מענ'-טעל-אי) ווי א מעדיקאמענט אדער רפואה.

medicamen'tary *a.* (מעד-אי-קע-מענ'-טע-רי) ז. *medicamental*.

medicamenta'tion *n.* (מעד-אי-קע-מען-טיי'-שאן) ז. *medication*.

med'icaster *n.* (מעד'-אי-קעס-טער) א דאקטארעל, א קאנאוואל, אן אונוויסענדער דאקטאר; א שארלאטאן אין מעדיצין.

med'icate *v.* (מעד'-אי-קייט) מישען עפעס מיט א רפואה; געבען רפואות.

med'icated ale (מעד'-אי-קיי-טעד איל) ביער געברייט מיט געוויסע גראזען, וואס דיענט אלס רפואה.

med'icated bath (מעד'-אי-קיי-טעד בעטה) א קרייטער=באד [א וואנע געמאכט מיט גראזען פאר א רפואה].

medica'tion *n.* (מעד-אי-קיי'-שאן) דאס פערמישען עפעס מיט א רפואה; דאס ארייננעבען א רפואה; דאס ארויסרופען עפעס אין ארגאניזם מיט דער הילף פון רפואות.

med'icative *a.* (מעד'-אי-קיי-טיוו) היילענד; קורירענד; וואס ענטהאלט היילענדע אייגענשאפטען.

med'icator *n.* (מעד'-אי-קיי-טאר) איינער וואס מאכט אדער גיט רפואות; אן אינסטרומענט, דורך וועלכען א הייל=מיטעל ווערט ארייננעגעבען אין קערפער.

med'icatory *a.* (מעד'-אי-קיי-טא-רי) ז. *medicative*.

medic'inal *a.* (מי-דיס'-אי-נעל) מעדיציניש; היילזאם.

medic'inal herbs (מי-דיס'-אי-נעל הוירבז) גראזען וואס ווערען געברויכט אין מעדיצין.

medic'inally *adv.* (מי-דיס'-אי-נעל-אי) אויף א מעדיצינישען אדער היילבארען שטייגער.

medic'inal spring (מי-דיס'-אי-נעל ספרינג) א הייל=קוועל.

med'icine *n.* (מעד'-אי-סין) א מעדיצין, א רפואה, רפואות; דאס היילען, קורירען; דאס וואס ענטהאלט אין זיך כלומרשט א מאגישע היילונגס=קראפט [ווי קמיעות].

med'icine-bag *n.* (מעד'-אי-סין-בעג) א זאק, אין וועלכען די מכשפים פון די ווילדע און בארבארישע פעלקער טראגען זייערע הייל=מיטלען [ווי קמיעות, וואלפצייהנדלעך א. ד. ג.].

med'icine-chest *n.* (מעד'-אי-סין-טשעסט) א קעסטעל, אין וועלכען מען האלט רפואות און אויך כירורגישע אינסטרומענטען.

med'icine-lodge *n.* (מעד'-אי-סין-לאדזש) א קליין שטיבעל ביי די נארדאמעריקאנישע אינדיאנער וואו מען האלט אב געהיימע רעליגיעזע צערעמאניעס.

med'icine-man *n.* (מעד'-אי-סין-מען) ביי די אינדיאנער און אנדערע ווילדע און בארבארישע שבטים — א מכשף, א מענש וועלכער האט א איבערנאטירליכע קראפט צו היילען קראנקהייטען.

med'iciner *n.* (מעד'-אי-סי-נער) א מעדיקער; א דאקטאר.

med'icine-spoon *n.* (מעד'-אי-סין-ספוהן) א מין פארצעלייענער לעפעל אדער שיסעלע מיט א שנויץ, מיט וועלכען מען נעהמט איין רפואות.

med'ico *n.* (מעד'-אי-קאו) א דאקטאר.

metros'copy *n.* (מי-טראס'-קא-פי) דאס אונטערזוכען די געבעהר-מוטער.

me'trotome *n.* (מי'-טרא-טאום) אין כירורגיע — אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער דאס העלזעל פון דער געבעהר־מוטער.

met'tle *n.* (מעטל) פיזישע אדער גייסטיגע מאטעריאל פון וועלכען עפעס איז געבויט [ספעציעל דער מענשליכער כאראקטער]; א היציגער טעמפעראמענט; פייער; מוטה; קוראזש; חשק; אייפ־ריגקייט; ענטוזיאזם; ענערגיע.

met'tled *a.* (מעטלד) ז. *mettlesome*

met'tlesome *a.* (מעט'ל-סאם) מיט א היציגען טעמפעראמענט; פייערדיג, מו־טיג, חשק'דיג; מיט קוראזש; ענטוזיאס־טיש.

met'tlesomely *adv.* (מעט'ל-סאם-לי) מיט קוראזש; מיט חשק; אייפריג; ענ־טוזיאסטיש.

met'tlesomeness *n.* (מעט'ל-סאם-נעס) דאס זיין היציג, לעבעדיג; דאס האבען מוטה; ענערגיע, אייפריגקייט, ענטוזיאזם.

me'um *pr.* (מע'-אם) מיינע, מיינס.

me'um and tu'um (מע'-אום ענד טו'-אום) מיינס און דיינס.

mew *n.* and *v.* (מיו) די מעווע אדער טשאיקע [א ים-פויגעל מיט א לאנגען פער־שפיצטען שנאבעל און מיט שווים-הייט־לעך אויף די פיס]; א שטייג פאר פויג־לען; א טורמע, א תפיסה; א מין גראז מיט ווייסע אדער רויטליכע בליטהען, וואס וואקסט אין די בערגיגע געגענדען פון אייראפא; דאס מיאוקען פון א קאץ; איינשפארען, איינמויערען, איינשליסען; מיאוקען [ווי א קאץ]; פערלירען די פע־דערען [וועגען א פויגעל].

mew'-gull *n.* (מיו'-גאל) די מעווע אדער טשאיקע. ז. *mew*

mewl *n.* and *v.* (מיול) דאס געשריי פון א קינד; שרייען ווי א קינד.

mew'ler *n.* (מיו'-לער) א שרייער.

mews *n.* (מיוז) די שטאלען פאר די קעניגליכע פערד אין לאנדאן.

Mex'ican *a.* and *n.* (מעק'-סי-קען) וואס געהערט צו מעקסיקא [א לאנד אין אמעריקא]; א מעקסיקאנער, א בירגער אדער איינוואהנער פון מעקסיקא.

meze'reon *n.* (מי-זי'-רי-אן) דער קעלערהאלז [א מין קוסט מיט ראזעווע בלומען און א שווערען גערוך. בליהט זעהר פריה אין פריהלינג. זיין קארע ענט־האלט א גיפטיגען שטאף דאפנין]. ז. *Daphne*

mezu'za *n.* (מע-זוה'-זא) א מזוזה.

mezu'zah *n.* (מע-זוה'-זא) ז. *mezuza*

mez'zanine *n.* (מעז'-ע-נין) א מעזא־ניז. אן אויבערשטיבעל [אן אויבערשטער קלענערער עטאזש]; א ברייט פענסטער פון אן אויבערשטיבעל.

mez'za vo'ce (מעד'-זא וואו'-טשע) מיט א האלבער שטימע.

mez'zo *a.* (מעד'-זא) אין מוזיק — מי־טעל. האלב, מיטעלמעסיג.

mez'zo-rilie'vo *n.* (מעד'-זא-רי-ליעי'-וואו) אין סקולפטור — א מיטעל-רעליעף; א פיגור וואס איז אויסגעשניטען אדער אויסגעקנאטען האלב-בולט.

mez'zo-sopra'no *n.* (מעד'-זא-סא-פרא'-נא) א מעצא-סאפראנא [א פרויען־שטימע וואס איז נידריגער פון א סאפרא־נא און העכער פון א קאנטער-אלטא].

mez'zotint *n.* and *v.* (מעד'-זא-טינט) מעזאטינטא [אן ארט גראווירען אויף קופער אדער שטאהל אויף א שארסטיגער פלעכע, וועלכע ווערט שפעטער ערטערווייז גלאט געמאכט לויט ווי עס פאדערט די פערטיילונג פון שאטען און ליכט]; גראווירען אין מעזאטינטא.

mezzotin'to *n.* and *v.* (מעד-זא-טינ'-טאו) ז. *mezzotint*

mfg. *manufacturing* פערקירצונג פון

mfr. *manufacturer* פערקירצונג פון

M. ft. אן אבקירצונג פון די לאטיינישע ווערטער *mistura fiat* [אן אויפשריפט וואס ווערט געמאכט אויף א רעצעפט וואס מיינט: זאל די מישונג געמאכט ווערען].

M. G. *Major-General* ראשי תבות פון

mg. *milligram* פערקירצונג פון

Mgr. *Monsignor* פערקירצונג פון

mi'asm *n.* (מאי'-עזם) ז. *miasma*

mias'ma *n.* (מאי-עז'-מא) מיאזמא [שעדליכע, גיפטיגע ריחות אדער אויס־דונסטונגען].

mias'mal *a.* (מאי-עז'-מעל) פול מיט מיאזמען. ז. *miasma*

miasmat'ic *a.* (מאי-עז-מעט'-איק) מיאזמאטיש, אנגעשטעקט אדער פעראור־זאכט דורך שעדליכע גיפטיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען.

miasmat'ical *a.* (מאי-עז-מעט'-אי-קעל) ז. *miasmatic*

mias'matist *n.* (מאי-עז'-מע-טיסט) איינער וואס שטודירט די קראנקהייטען, וועלכע ווערען פעראורזאכט פון מיאזמען [שעדליכע, גיפטיגע ריחות אדער אויס־דונסטונגען].

mias'matous *a.* (מאי-עז'-מע-טאס) וואס גיט ארויס מיאזמען [שעדליכע, גיפ־טיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען].

miasmol'ogy *n.* (מאי-עז-מאל'-א-דזשי) אן אבהאנדלונג איבער מיאזמען. ז. *miasma*

mias'mous *a.* (מאי-עז'-מאס) ז. *miasmal*

miaul' *v.* (מי-אהל') מיאוקען ווי א קאץ.

mi'ca *n.* (מאי'-קא) מיקא, גלימער אדער מאריענגלאז [א מין . מינעראל וואס שפאלט זיך אין דינע בלעטלעך, וועלכע ווערען בענוצט אלס גלעזלעך פאר לאנ־טערנעס און אויוונעס].

mica'ceous *a.* (מאי-קיי'-שיאס) גלימער־

ארטיג, וואס איז שייך אדער. וואס איז עהנליך צו מיקא אדער גלימער. ז. *mica*

mi'ca-schist' *n.* (מאי׳-קא-שיסט) א גלימער-שיפער-שטיין [א שטיין וואס איז געמישט פון גלימער און שיפער].

mi'ca-slate' *n.* (מאי׳-קא-סלייט) ז. *mica-schist*

mice *n.* (מאיס). מייז. ז. *mouse*

Mich. אן אבקירצונג פון *Michigan* [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן אבקירצונג פון *Michaelmas*

mi'chaelite *n.* (מאי׳-קעל-איט) א ווייסער פערל-פערמיגער אפאל [אזא ערדעל-שטיין]. ז. *opal*

Mich'aelmas *n.* (מיק׳-על-מעס) מיכאעלים [א קאטוילישער יום טוב דעם 29טען סעפטעמבער, לכבוד דעם מלאך מכאל]; הערבסט.

miche *v.* (מיטש) זיך בעהאלטען; ליעגען פערבארגען; ליעגען פער׳גנב׳עטערהייד.

mich'ing *a. and n.* (מיטש׳-אינג) פערבארגענדיג זיך; ליעגענדיג פער׳גנב׳עטערהייד; דאס בעהאלטען זיך אדער פערבארגען זיך.

mick'le *a. and n.* (מיקל) פיעל; גרויס; א מאסע, א סך.

mick'y *n.* (מיק׳-אי) אן אירלענדיש אינגעל; א יונגער ווילדער אקס.

mi'co *n.* (מי׳-קאו) א קליינע וועווערקע-עהנליכע אבעזיאנע [אפע] אין זיד-אמעריקא.

mi'cro *n.* (מאי׳-קראו) א קליינער אינזעקט.

mi'crobal *a.* (מאי׳-קראו-בעל) ז. *microbial*

mi'crobe *n.* (מאי׳-קראוב) א מיקראב [א קליינע מיקראסקאפישע בעשעפעניש].

micro'bia *n.* (מאי-קראו׳-בי-א) מיקראבען. ז. *microbe*

micro'bial *a.* (מאי-קראו׳-בי-על) וואס איז שייך צו מיקראבען אדער וואס ווערט פעראורזאכט פון מיקראבען.

micro'bian *a.* (מאי-קראו׳-בי-ען) ז. *microbial*

micro'bic *a.* (מאי-קראו׳-ביק) ז. *microbial*

micro'bicide *n.* (מאי-קראו׳-בי-סאיד) א שטאף וואס טויטעט מיקראבען.

microbiolog'ical *a.* (מאי-קרא-באי-א-לאדזש׳-אי-קעל) מיקראביאלאגיש, וואס איז שייך צו מיקראביאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען מיקראבען].

microbiol'ogist *n.* (מאי-קרא-באי-אל׳-א-דזשיסט) א מיקראביאלאגיסט, א קענער אין מיקראביאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען מיקראבען].

microbiol'ogy *n.* (מאי-קרא-באי-אל׳-א-דזשי) מיקראביאלאגיע, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שטודיום פון מיקראבען.

micro'bion *n.* (מאי-קראו׳-בי-אן) ז. *microbe*

microceph'alous *a.* (מאי-קרא-סעפ׳-ע-לאס) וואס האט א קליינעם קאפ.

microchem'istry *n.* (מאי-קרא-קעמ׳-אים-טרי) מיקרא-כעמיע, א כעמישע אונטערזוכונג פון קלייניגקע זאכען אונטער א מיקראסקאפ.

microchronom'eter *n.* (מאי-קרא-קרא-נאמ׳-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעצייכנען זעהר קליינע צייט-דויערונגען [ווי א צעהנטעל אדער הונדערטעל פון א סעקונדע]

mi'crocosm *n.* (מאי׳-קרא-קאזם) א מיקראקאזם, א קליין וועלטעל, די וועלט אין מיניאטור; דער מענש אלס א קליין וועלטעל פאר זיך; א קליינע געמיינדע אדער פעראיין.

microcos'mian *a.* (מאי-קרא-קאז׳-מי-ען) ז. *microcosmic*

microcos'mic *a.* (מאי-קרא-קאז׳-מיק) וואס איז שייך צו א מיקראקאזם. ז. *microcosm*

microcos'mical *a.* (מאי-קרא-קאז׳-מי-קעל) ז. *microcosmic*

microcos'mic salt (מאי-קרא-קאז׳-מיק סאהלט) פאספאר-זאלץ [א זאלץ וואס בעשטעהט פון סאדא, אמאניום און פאספאר-זויערע. ענטהאלט זיך אין מענשליכער השתנה].

microcosmog'raphy *n.* (מאי-קרא-קאז-מאג׳-רע-פי) די בעשרייבונג פון מענשען אלס א קליין וועלטעל פאר זיך.

microcosmol'ogy *n.* (מאי-קרא-קאז-מאל׳-א-דזשי) אן אבהאנדלונג וועגען דעם מענשען אלס א קליין וועלטעל פאר זיך.

microcos'mos *n.* (מאי-קרא-קאז׳-מאס) ז. *microcosm*

microcos'mus *n.* (מאי-קרא-קאז׳-מאס) ז. *microcosm*

microcoulomb' *n.* (מאי-קרא-קו-לאם׳) א מיקראקולאן, א מיליאנט-חלק פון א קולאן אדער קאלאמב. ז. *coulomb*

mi'crocyte *n.* (מאי׳-קרא-סאיט) א קליין קערפערעל אדער צעלע.

microcythe'mia *n.* (מאי-קרא-סאי-טהי׳-מי-א) דער צושטאנד פון בלוט ווען אין איהם געפינט זיך א גרויסע צאהל זעהר קליינע קערפערלעך.

microcyto'sis *n.* (מאי-קרא-סאי-טאו׳-סיס) ז. *microcythemia*

microdac'tylous *a.* (מאי-קרא-דעק׳-טי-לאס) וואס האט זעהר קורצע אדער קליינע פינגער.

mi'crodont *a.* (מאי׳-קרא-דאנט) וואס האט זעהר קליינע צייהנער.

mi'crogram *n.* (מאי׳-קרא-גרעם) א מיליאנט חלק פון א גראם.

mi'crograph *n.* (מאי׳-קרא-גרעף) א מיקראגראף, אן אינסטרומענט צום שרייבען אדער גראווירען זעהר קליינע בוכשטאבען אדער צו מאלען קליינע זאכען; א מיקראסקאפיש [זעהר קליין] בילד.

microg'rapher *n.* (מאי-קראג׳-רע-פער) א קענער אין מיקראגראפיע. ז. *micrography*

micrograph'ic *a.* (מאי-קרא-גרעפ׳-איק) מיקראגראפיש, וואס איז שייך צו מיקראגראפיע. ז. *micrography*

microg'raphist *n.* (מאי-קראג׳-רע-פיסט) ז. *micrographer*

micrograph'ophone *n.* (מאי-קרא-גרעפ׳-א-פאון) א מיקראגראפאפאן, אן אינסטרומענט וועלכער קען פערצייכנען און איבערגעבען זעהר שוואכע קלאנגען.

microg'raphy *n.* (מאי-קראג׳-רע-פי) מיקראגראפיע, דאס בעשרייבען מיקראסקאפישע [זעהר קליינע] געגענשטענדע.

microli'ter *n.* (מאי-קרא-לי׳-טער) א מיליאנט חלק פון א ליטער.

microm'elus *n.* (מאי-קראמ׳-ע-לאס) א מאנסטער [א פערזעהעניש] מיט זעהר קליינע גליעדער.

microm'eter *n.* (מאי-קראמ׳-ע-טער) א מיקראמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען גאנץ קליינע לענגען אדער ווינקלען.

microm'eter-screw *n.* (מאי-קראמ׳-ע-טער-סקרוה) א מיקראמעטער-שרויף [אזא שרויף וואס ווערט צוגעשטעלט צו אן אפטישען און מאטעמאטישען אינסטרומענט צו מעסטען גאנץ קליינע ווינקלען].

micromet'ric *a.* (מאי-קרא-מעט׳-ריק) מיקראמעטריש, וואס איז שייך צו א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

micromet'rical *a.* (מאי-קרא-מעט׳-רי-קעל) ז. *micrometric*

micromet'rically *adv.* (מאי-קרא-מעט׳-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

microm'etry *n.* (מאי-קראמ׳-ע-טרי) מיקראמעטריע, די קונסט צו מעסטען מיט א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

micromil'limeter *n.* (מאי-קרא-מיל׳-אי-מי-טער) א מיליאנטעל אדער טויזענדסטעל פון א מילימעטער.

micromil'limetre *n.* (מאי-קרא-מיל׳-אי-מי-טער) ז. *micromillimeter*

mi'cron *n.* (מאי׳-קראן) א מיקראן, א מיליאנטעל פון א מעטער אדער טויזענדסטעל פון א מילימעטער.

micron'ymy *n.* (מאי-קראנ׳-אי-מי) דאס געברויכען קורצע, לייכטע ווערטער אנשטאט לאנגע און שווערע.

mi'cro-organ'ic *a.* (מאי׳-קראו-אר-גענ׳-איק) מיקרא-ארגאניש, וואס איז שייך צו מיקראבען אדער מיקראסקאפישע ארגאניזמען.

mi'cro-or'ganism *n.* (מאי׳-קראו-אר׳-גען-איזם) א מיקראסקאפישער ארגאניזם, א מיקראב, א באציל.

micropan'tograph *n.* (מאי-קרא-פענ׳-טא-גרעף) א מיקראפאנטאגראף, אן אינסטרומענט צום שרייבען אדער גראווירען זעהר קליינע בוכשטאבען.

micropar'asite *n.* (מאי-קרא-פער׳-ע-סאיט) א מיקרא-פאראזיט, א מיקראסקאפישער פאראזיט.

microparasit'ic *a.* (מאי-קרא-פער-ע-סיט׳-איק) וואס האט דעם כאראקטער פון א מיקרא-פאראזיט, וואס ווערט פעראורזאכט פון א מיקרא-פאראזיט [ווי קראנקהייטען וואס ווערען פעראורזאכט פון מיקראסקאפישע פאראזיטען].

micropatholog'ical *a.* (מאי-קרא-פעטה-א-לאדזש׳-אי-קעל) מיקרא-פאטאלאגיש, וואס איז שייך צו מיקראפאטאלאגיע. ז. *micropathology*

micropathol'ogist *n.* (מאי-קרא-פע-טהאל׳-א-דזשיסט) א קענער אין מיקרא-פאטאלאגיע. ז. *micropathology*

micropathol'ogy *n.* (מאי-קרא-פע-טהאל׳-א-דזשי) מיקראפאטאלאגיע, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט מיקראסקאפישע ארגאניזמען [ווי מיקראבען, באצילען] און זייערע בעציהונגען צו קראנקהייטען.

microph'agist *n.* (מאי-קראפ׳-ע-דזשיסט) א בעשעפעניש וואס שפייזט זיך מיט מיקראסקאפישע ארגאניזמען.

mi'crophone *n.* (מאי׳-קרא-פאון) א מיקראפאן, אן אינסטרומענט וואס מאכט מען זאל דייטליכער הערען נידריגע קלאנגען; דער טייל פון טעלעפאן, אין וועלכען מען רעדט אריין.

microphon'ic *a.* (מאי-קרא-פאנ׳-איק) וואס איז שייך צו א מיקראפאן; וואס האט די אויפגאבע צו פערשטארקען א שוואכען קלאנג אדער טאן. ז. *microphone*

microphon'ics *n.* (מאי-קרא-פאנ׳-איקס) מיקראפאניק, די וויסענשאפט וואס

בעשעפטיגט זיך מיט פערשטארקען שוואַכע קלאַנגען אדער טענער.

microph'onous *a.* (מאַי-קראָפ'-אָ-נאָס) ז. *microphonic*

mi'crophony *n.* (מאַי'-קראָ-פאָו-ני) שוואַכקייט פון דער שטימע.

micropho'tograph *n.* (מאַי-קראָ-פאָו'-טאָ-גרעף) אַ מיקראָסקאָפּישע פאָטאָגראַפיע [אַ זעהר קליינע פאָטאָגראַפיע וואָס מען דאַרף קוקען אויף איהר דורך אַ מיקראָסקאָפּ].

microphotog'raphy *n.* (מאַי-קראָ-פאָ-טאָג'-רע-פי) דאָס מאַכען מיקראָסקאָפּישע [זעהר קליינע] פאָטאָגראַפיעס.

microphthal'mia *n.* (מאַי-קראָפ-טהעל'-מי-אַ) אַן אוננאָרמאַלע קליינקייט פון אויג.

mi'crophthalmy *n.* (מאַי'-קראָפ-טהעל-מי) ז. *microphthalmia*

mi'crophyte *n.* (מאַי'-קראָ-פאַיט) אַ מיקראָפיט, אַ מיקראָסקאָפּישע פּאַראַזיטישע פלאַנצע.

micros'copal *a.* (מאַי-קראָס'-קאָ-פּעל) ז. *microscopic*

mi'croscope *n.* (מאַי'-קראָ-סקאָופּ) אַ מיקראָסקאָפּ, אַן אָפּטישער אינסטרומענט וואָס פערגרעסערט די געגענשטענדע אויף וועלכע מען קוקט דורך איהם; אַ פערגרעסערונגס-גלאָז.



Microscope

microsco'pial *a.* (מאַי-קראָ-סקאָו'-פּי-על) ז. *microscopic*

microscop'ic *a.* (מאַי-קראָ-סקאָפּ'-איק) מיקראָסקאָפּיש, וואָס מען קען זעהן מיט אַ פערגרעסערונגס-גלאָז, זעהר קליין; וואָס איז געמאַכט ווי מיט אַ מיקראָסקאָפּ; וואָס איז שייך צו אַ מיקראָסקאָפּ; ווי אַ פערגרעסערונגס-גלאָז.

microscop'ical *a.* (מאַי-קראָ-סקאָפּ'-אי-קעל) ז. *microscopic*

microscop'ically *adv.* (מאַי-קראָ-סקאָפּ'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון אַ מיקראָסקאָפּ; אויף אַ מיקראָסקאָפּישען אופן.

mi'croscopist *n.* (מאַי'-קראָ-סקאָו-פּיסט) איינער וואָס איז געאיבט אין בענוצען זיך מיט אַ מיקראָסקאָפּ; אַ קענער אין מיקראָסקאָפּיע [די קונסט צו אונטערזוכען געגענשטענדע מיט אַ מיקראָסקאָפּ].

mi'croscopy *n.* (מאַי'-קראָ-סקאָו-פּי) מיקראָסקאָפּיע [די קונסט צו אונטערזוכען געגענשטענדע מיט אַ מיקראָסקאָפּ].

mi'croseism *n.* (מאַי'-קראָ-סאַיסם) אַ שוואַכע ערד-ציטערניש.

microspec'troscope *n.* (מאַי-קראָ-ספּעק'-טראָ-סקאָופּ) אַ מיקראָספּעקטראָסקאָפּ [אַן אָפּטישער אינסטרומענט וואָס בעשטעהט פון אַ פערבינדונג פון אַ מיקראָסקאָפּ און פון אַ ספּעקטראָסקאָפּ]. ז. *microscope* און *spectroscope*

microtasim'eter *n.* (מאַי-קראָ-טע-סים'-ע-טער) אַן אינסטרומענט צו מעסטען און פערצייכנען זעהר אַ קליינעם דרוק.

mi'crotome *n.* (מאַי'-קראָ-טאָום) אַ מיקראָטאָם, אַן אינסטרומענט וואָס ווערט בענוצט פאַנאַנדערצושניידען זאַכען אין גאַנץ דינע טיילען פאַר מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען.

Microtome

microtom'ic *a.* (מאַי-קראָ-טאָמ'-איק) וואָס שניידט אין גאַנץ דינע טיילען; וואָס איז שייך צו אַ מיקראָטאָם. ז. *microtome*

microtom'ical *a.* (מאַי-קראָ-טאָמ'-אי-קעל) ז. *microtomic*

microt'omist *n.* (מאַי-קראָט'-אָ-מיסט) אַ קינסטלער אין בענוצען דעם מיקראָטאָם. ז. *microtome*

microt'omy *n.* (מאַי-קראָט'-אָ-מי) די קונסט פון שניידען אָרגאַנישע געוועבען אין גאַנץ דינע טיילען פאַר מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען.

mi'crovolt *n.* (מאַי'-קראָ-וואָלט) אַ מיליאָנט-חלק פון אַ וואָלט. ז. *volt*

microzo'on *n.* (מאַי-קראָ-זאָו'-אָן) אַ קליין מיקראָסקאָפּיש חיה'לע.

mic'tion *n.* (מיק'-שאָן) דאָס לאָזען אוריז [השתנה].

mic'turate *v.* (מיק'-טשו-רייט) משתין זיין [פּישען].

micturi'tion *n.* (מיק-טשו-ריש'-אָן) דאָס משתין זיין [פּישען]; דאָס אָפּט משתין זיין [אַלס אַ קרענקליכער צושטאַנד].

mid *a. and n.* (מיד) וואָס מיטעלסט, וואָס געפינט זיך צווישען אדער אין דער מיט; אַ שיפּס-יונקער, אַ שיפּס-קאַדעט.

'mid *prep.* אַן אַבקירצונג פון *amid*

mid'angle *n.* (מיד'-ענגל) אַ העלפט פון אַ גלייכען ווינקעל, אַ ווינקעל פון 45 גראַד.

Mi'das *n.* (מאַי'-דעס) אַ גוואַלדיגער עושר [נאָך דעם נאָמען פון דעם פאַרציטיגען פריגישען קעניג מידאַס, וועמען די לעגענדע האָט בעשענקט מיט אַ וואונדערבאַרער קראַפט צו פערוואַנדלען אין גאָלד אַלעס צו וואָס ער האָט זיך צוגעריהרט]; אַ מין זיידען-אַפען. ז. *marmoset*

mid'brain *n.* (מיד'-ברעין) דער מיטעלסטער טייל פון מאַרך.

mid'-course *n.* (מיד'-קאָורס) העלפט-וועג, דער מיטען וועג; מיטעל-וועג.

mid'day *n. and a.* (מיד'-דיי) מיטאָג; מיטאָג-צייט, וואָס קומט פאַר מיטאָג-צייט, וואָס איז שייך צו מיטאָג-צייט.

mid'dle *a., n. and v.* (מידל) מיטעלסט, וואָס געפינט זיך אין מיטען אדער צווישען; מיטעלמעסיג: דער מיטעלפּונקט, דער מיטען; צווישענרוים, צווישענצייט; דער מיטעלסטער טייל פון מענשליכען קערפּער, די טאַליע; אַריינברייננגען אין מיטען; מאַכען אַ קאָמפּראָמיס, אויסגלייכען; בעשטימען דעם מיטעלפּונקט; צוזאַמענלייגען אויף דער מיט.

mid'dle age (מידל איידזש) מיטעלע יעהריגקייט [צווישען 40 און 50 יאָהר].

mid'dle-aged *a.* (מיד'ל-איידזשד) מיטעל-יעהריג [אין עלטער פון 40 און 50 יאָהר].

mid'dle a'ges (מידל איי'-דזשיז) דער מיטעלאַלטער [די געשיכטליכע פּעריאָדע צווישען דעם פאַל פון דער רוימישער אימפּעריע און ענדע פון פינפטען יאָהרהונדערט און צווישען דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ אין יאָהר 1492].

mid'dle class (מידל קלעס) דער מיטעלקלאַס, דאָס בירגערטום, דער דריטער שטאַנד [דער קלאַס צווישען אַדעליגע און פּריסטער פון איין זייט און אַרבייטער פון דער צווייטער: קויפלייט, פּראָפעסיאָנעלע און דער ניט-טיטולירטער פערמעגליכער קלאַס].

mid'dle-class *a.* (מיד'ל-קלעס) וואָס בעלאַנגט צום מיטעלקלאַס. ז. *middle class*

mid'dle dis'tance (מידל דיס'-טענס) דער מיטעל-וועג: דער מיטעל-גרונט פון אַ בילד.

mid'dle-earth *n.* (מיד'ל-אוירטה) די ערד [וועלכע געפינט זיך, ווי עס ווערט געגלויבט, צווישען הימעל און דעם גיהנום].

mid'dle ground (מידל גראַונד) דער מיטעל-גרונט פון אַ בילד; דער מיטעל-וועג.

mid'dle king'dom (מידל קינג'-דאָם) די מיטעלסטע מלוכה, כינאַ.

mid'dle life (מידל לאַיף) דאָס לעבען פון מיטעלקלאַס. ז. *middle class*

mid'dleman *n.* (מיד'ל-מען) אַ מיטעלמאַן, אַ פערמיטלער; אַ פערמיטלער צווישען דעם פּראָדוצירער און פערברויכער; איינער וואָס בעלאַנגט צום מיטעלקלאַס. ז. *middle class*

mid'dlemost *a.* (מיד'ל-מאָוסט) מיטעלסט, וואָס געפינט זיך אין מיטען; וואָס איז אַם נעהנסטען צו דעם מיטען.

mid'dler *n.* (מיד'-לער) אַ סטודענט פון דעם צווייטען קלאַס אין אַן אַמעריקאַנישען טעאָלאָגישען סעמינאַריום.

mid'dle-rate *a.* (מיד'ל-רייט) מיטעלמעסיג.

mid'dle-sized *a.* (מיד'ל-סאַיזד) מיטעלמעסיג, פון מיטעלער גרויס.

mid'dle spa'ces (מידל ספּיי'-סעז) אין דרוקעריי — דער געוועהנליכער צווישענרוים אין דרוק-זאַץ [אַ דריטעל אדער אַ פערטעל פון דער דיקקייט פון דעם זאַץ].

Mid'dle States (מידל סטייטס) די מיטעלע שטאַאַטען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ [די שטאַאַטען ניו יאָרק, ניו דזשוירסי, פּענסילווייניאַ און דעלאַווער, וועלכע האָבען פערנומען דעם מיטען צווישען די ערשטע דרייצעהן שטאַאַטען].

mid'dle stitch'ing (מידל סטיטש'-אינג) די מיטעלסטע דאָפּעל-נאַהט [הויפּט-זעכליך פון אַ זעגעל].

mid'dle term (מידל טוירם) דער מי=
טעל=גליעד פון א סילאגיזם [דער זאַצ=
טייל וואס ווידערהאלט זיך אין די פּאַ=
דער=זעצע און ווערט ארויסגעלאזען פון
שלוס. למשל: מענשען זיינען שטערבליך;
זשעניען זיינען מענשען; פאלגליך: זשע=
ניען זיינען שטערבליך. אין דיעזען סי=
לאגיזם איז "מענשען" דער מיטעל=
גליעד].

mid'dle-weight *n.* (מיד'ל-הווייט)
א פויסט=קעמפּפער אדער זשאקיי [פערד=
רייטער ביים וועט=לויפען] פון מיטעלען
אדער געוועהנליכען געוויכט.

mid'dling *a., n. and adv.* (מיד'-לינג)
מיטעל, מיטעלמעסיג; ניט גוט און ניט
שלעכט; נישקשה'דיג; ערטרעגליך.

mid'dlingly *adv.* (מיד'-לינג-לי)
נישקשה'דיג; ערטרעגליך.
The patient is getting along **middlingly.**

mid'dlingness *n.* (מיד'-לינג-נעס) מי=
טעלמעסיגקייט.

mid'dlings *n.* (מיד'-לינגז) אזא גראָב
מעהל; די אויבערשטע טיילען פון די
תבואה=קערנדלעך [אונטער דער שאָ=
לעכץ].

mid'dy *n.* (מיד'-אי) ז. ***midshipman***

mid'-earth *n. and a.* (מיד'-אוירטה)
דער מיטען פון דעם ערד=קוגעל; וואס
געפינט זיך אין מיטען פון ערד=קוגעל:
די ערד [וואס געפינט זיך, ווי עס ווערט
געגלויבט, צווישען הימעל און גיהנום].

midge *n.* (מידזש) א קאמאר, א קליין
פליגעלע: עטוואס וואס איז זעהר קליין;
א קארליק; א קליין פישעל; אזא קליין
ווענגעלע.

midg'et *n.* (מידזש'-עט) א קארליקעל;
א פליגעלע, א קאמאר; א קליין=געוויקסיג
ספּריטנע קינד.

mid'-heav'en *n.* (מיד'-העוו'ן) דער
מיטען הימעל.

mid'-hour *n.* (מיד'-אור) מיטאג=צייט;
א צווישען=שטונדע.

mid'land *n. and a.* (מיד'-לענד) מיטעל=
לאנד, די מיטעלסטע טיילען פון א לאנד
[הויפּטזעכליך אין בעצוג צו ענגלאנד];
וואס געפינט זיך אין די מיטעל=טיילען
פון א לאנד; ווייט פון ים=ברעג.

mid'layer *n.* (מיד'-לייי-ער) דער מי=
טעלסטער פון די דריי שיכטען פון דעם
עמבריאָן [מעזאָדערמאַ]. ז. ***embryo***

mid'leg *n.* (מיד'-לעג) דער מיטעלסטער
טייל פון פוס; ביי אינזעקטען — איינער
פון די מיטעלסטע פיס.

Mid'-Lent *n.* (מיד'-לענט) דער מיטען
פון דער פאסט=צייט ביי קריסטען, דער
פיערטער זונטאג פון דער פאסט=צייט.

mid'-main *n.* (מיד'-מיין) דער מיטען
פון אקעאן; א פּלאַץ ווייט אין ים.

mid'most *a.* (מיד'-מאוסט) וואס גע=
פינט זיך אין סאמע מיטען.

mid'night *n. and a.* (מיד'-נאיט) האל=
בע נאכט; וואס איז שייך צו דעם מי=
טען נאכט, וואס קומט פאר אום האלבע
נאכט.

mid'night appoint'ment (מיד'-נאיט
ע-פּאינט'-מענט) אין די פערייניגטע
שטאאטען פון אמעריקא — אויסשטעלונג
פון רעגיערונגס=שטעלען אין די לעצטע
טעג פון דער הערשאפט פון א פּאָליטי=
שער פּארטיי מיט'ן צוועק צו פערשטעלען
דעם וועג די אנהענגער פון דער זיעגריי=
כער פּארטיי [הויפּטזעכליך אין בעצוג
צו אזא האנדלונג פון פרעזידענט דזשאהן
אדאמס].

mid'night sun (מיד'-נאיט סאן) די
מיטען=נאכט זון [אין די פּאָלאַר=געגענדען,
וואו מען זעהט די זון אין געוויסע צייי=
טען פון יאהר אויך ביינאכט].

mid'-noon *n.* (מיד'-נוהן) מיטאג, מי=
טאג=צייט.

mid'-off' *n.* (מיד'-אָף')
ז. ***midwicket off***

mid'-on' *n.* (מיד'-אָן')
ז. ***midwicket on***

Mid'rash *n.* (מיד'-רעש) מדרש.

Midrash'ic *a.* (מי-דרעש'-איק) וואס
איז שייך צו מדרש.

mid'rib *n.* (מיד'-ריב) דער מיטעלסטער
אדער פון א בלאט.

mid'ribbed *a.* (מיד'-ריבד) וואס האט
א מיטעל=אדער [וועגען בלעטער].

mid'rif *n.* (מיד'-ריף) ז. ***midriff***

mid'riff *n.* (מיד'-ריף) די צווערכפעל
אדער דיאפראגמע [די דיקע שייד=הויט
צווישען בויך און ברוסט=קאסטען].
ז. ***diaphragm***

mid'-sea *n.* (מיד'-סיע) דער מיטען ים,
דער אפענער ים.

mid'ship *a.* (מיד'-שיפּ) וואס איז שייך
צום מיטעל=טייל פון א שיף; וואס גע=
פינט זיך אין מיטעל=טייל פון א שיף.

mid'shipman *n.* (מיד'-שיפּ-מען) א
שיפס=יונקער, א שיפס=קאדעט.

mid'shipmite *n.* (מיד'-שיפּ-מאיט) א
קליינינקער שיפס=יונקער [הומאריסטיש].

mid'ships *adv. and n.* (מיד'-שיפּס)
אין דער מיט פון א שיף; די באלקענס
פון דעם מיטעלסטען טייל פון א שיף.

midst *n., adv. and prep.* (מידסט)
דער מיטען; אין דער מיט, אין מיטען;
צווישען, אונטער.

mid'stream *n.* (מיד'-סטריעם) דער
מיטען פון שטראם.

mid'summer *n.* (מיד'-סאמ-ער) דער
מיטען זומער.

mid'summer day (מיד'-סאמ-ער דיי)
דער קריסטליכער יום טוב לכבוד יאהאַן
דעם טויפער [יוחנן המטבל], דעם 24טען
יוני [פלעגט אמאל זיין פערבונדען מיט
פערשיעדענע מנהגים].

mid'summer mad'ness (מיד'-סאמ-
ער מעד'-נעס) די אמאליגע ווילדע מנהגים
ביים קריסטליכען יום טוב לכבוד יאהאַן
דעם טויפער [יוחנן המטבל]; משוגעת.

mid'summery *a.* (מיד'-סאמ-ער-אי)
וואס איז שייך צום מיטען זומער.

mid'-watch *n.* (מיד'-הוואטש) די
שיפס=וואך צווישען 12 ביינאכט ביז 4 אין
דער פריה.

mid'way *n., adv. and a.* (מיד'-הוויי)
העלפט וועג, דער מיטען וועג; מיטעל=
וועג; וואס געפינט זיך אין מיטעל=וועג,
מיטעלסט; העלפט וועג, אין מיטען וועג.

mid'week *a. and n.* (מיד'-הוויעק)
דער מיטען פון דער וואך; וואס קומט
פאר אין מיטען וואך, וואס איז בעשטימט
פאר דעם מיטען וואך.

mid'wicket *n.* (מיד'-הוויק-עט) אין
קריקעט=שפּיעל — דער שפּיעלער, וואס
שטעהט רעכטס אדער לינקס פון דעם באל=
אבשלאגער [אנטקעגען דעם באל=וואר=
פער].

mid'wicket off (מיד'-הוויק-עט אָף)
אין קריקעט=שפּיעל — דער שפּיעלער וואס
שטעהט רעכטס פון דעם באל=אבשלאגער.

mid'wicket on (מיד'-הוויק-עט אָן)
אין קריקעט=שפּיעל — דער שפּיעלער
וואס שטעהט לינקס פון באל=אבשלאגער.

mid'wife *n. and v.* (מיד'-הוואיף) אַן
אקושעריז, א הייבאם, א באבע; ערפילען
די פפליכטען פון א הייבאם; אבנעהמען
דאס קינד ביי דער געווינעריז; איינער
אדער איינע וואס העלפט עפּעס ארויסצו=
ברייגגען.

mid'wifery *n.* (מיד'-הוואיפ-רי) גע=
בורטס=הילף, הייבאם=קונסט, אקושערסטווע.

mid'wifish *a.* (מיד'-הוואי-פיש) ווי
אַן אקושעריז אדער הייבאם; וואס איז
שייך צו א הייבאם אדער איהרע פליכטען.

mid'winter *n.* (מיד'-הווינ-טער) דער
מיטען ווינטער.

mid'wive *v.* (מיד'-הוואיוו) אבנעהמען
דאס קינד ביי א געווינעריז [ווי אַן אקו=
שעריז]; העלפען ביי דער געבורט.

mid'year *n. and a.* (מיד'-ייר) דער
מיטען יאהר; וואס קומט פאר אין מיטען
יאהר.

mien *n.* (מיען) א מינע, דעם מענשענס
אויסזעהן.

miff *n. and v.* (מיף) לייכטער פער=
דרוס, לייכטע ערגערניש; פערשאפען עט=
וואס פערדרוס; ערגערען.

might *n.* (מאיט) מאכט, קראפט, שטאר=
קייט, כח; גוואלט.

might (מאיט) וואלט געקענט אדער גע=
מעגט; האט געקענט, האט געמעגט.
ז. ***may***

might and main (מאיט ענד מיין)
גרעסטע אנשטרענגונג, אנשטרענגונג פון
אלע כחות.
He is working with **might and main** to finish his job.

might'ful *a.* (מאיט'-פול) מעכטיג;
קרעפטיג.

might'fulness *n.* (מאיט'-פול-נעס)
מעכטיגקייט, מאכט, גוואלט.

migh'tily *adv.* (מאי'-טי-לי) מיט פיעל
מאכט, קראפט אדער גוואלט; מיט ערנסט;
זעהר, אויף א גרויסען שטייגער, אויסער=
אָרדענטליך.

migh'tiness *n.* (מאי'-טי-נעס) מעכטיג=
קייט, מאכט, גרויסקייט, הויכקייט;
אויסערארדענטליכקייט, א גרויסע צאהל,
א גרויסער גראד; האהייט [טיטול].

might'less *a.* (מאיט'-לעס) מאכטלאָז,
קראפטלאָז.

migh'ty *a. and adv.* (מאי'-טי) מעכ=
טיג, שטארק; אויסערארדענטליך [אין
גרויס, צאהל, קראפט א. ז. וו.]; גרויס=
מעכטיג [אלס טיטול]; זעהר, אויסער=
ארדענטליך.
England is a **mighty** sea-power.

mignonette' *n.* (מינ-יאַ-נעט') רעזעדאַ
[א שמעקעדיגע פלאנצע מיט גרינליך=
ווייסע אדער ווייסע בליטהען].

Mignonette

migraine' *n.* (מי-גריין') מיגרען, קאפּ־שמערצען. ז. *hemicrania*.

migrai'nous *a.* (מי-גריי'-נאס) וואס איז שייך צו מיגרען [קאפּ־שמערצען], וואס קומט פון מיגרען. ז. *hemicrania*.

mi'grant *a. and n.* (מאי'-גרענט) וואנדערענד; א וואנדערער; א וואנדער־פויגעל, א וואנדער־חיה.

mi'grate *v.* (מאי'-גרייט) וואנדערען.

migra'tion *n.* (מאי-גריי'-שאן) וואנדערונג; צוג; א צוג פון וואנדערענדע פויגלען אדער חיות.

migra'tionist *n.* (מאי-גריי'-שאנ-איסט) א וואנדערער.

migra'tion-sta'tion *n.* (מאי-גריי'-שאנ-סטיי'-שאן) א פּלאץ, וואו מען בעאבאכטעט די פויגלען־וואנדערונגען.

migra'tion-wave *n.* (מאי-גריי'-שאנ-הווייוו) א וואנדערונגס־כוואליע, א גרויסע מאסע וואנדערענדע פויגלען.

mi'grator *n.* (מאי'-גריי-טאר) א וואנדערער.

mi'gratory *a.* (מאי'-גרע-טא-רי) וואנדערענד, גענייגט צו וואנדערען.

mi'gratory an'imals (מאי'-גרע-טא-רי ענ'-אי-מעלז) חיות וואס וואנדערען איז געוויסע יאהרעס־צייטען פון קאלטע לענדער אין ווארימע און פערקעהרט.

mika'do *n.* (מי-קא'-דאו) דער מיקאדא [דער יאפּאנישער הערשער].

mil *n.* (מיל) א טויזענד־חלק פון אן אינטש אדער צאל [אן איינהייטס־מאס צו מעסטען די דיקקייט פון דראט].

mila'di *n.* (מי-ליי'-די) א פראנצויזישע אדער איטאליענישע פארם פון *my lady*.

mila'dy *n.* (מי-ליי'-די) ז. *miladi*.

mi'lage *n.* (מאי'-לעדזש) ז. *mileage*.

milch *a.* (מילטש) מעלקעדיג, וואס גיט מילך.

milch'-wench *n.* (מילטש'-הווענטש) א זויגעריז, אז אם.

milch'-wom'an *n.* (מילטש'-הוואומ'-ען) א זויגעריז, אז אם.

mil'chy *a.* (מיל'-טשי) מעלקעדיג; וואס גיט פיעל מילך; מילכיג.

mild *a.* (מאילד) מילד, זאנפט, גוט, צערטליך; שוואך, לייכט, ניט שארף.

mild'-cured *a.* (מאילד'-קיורד) ווענינ געזאלצען [וועגען קאנזערווירטע שפּייזען].

mil'dew *n. and v.* (מיל'-דיו) מעהל־טוי, פלאנצען־ראסט [אזא פראסט־ארטיגער שטויב וואס פערדארבט פלאנצען]; עהנליכער ראסט אדער פלעקען אויף פערשיעדענע שטאפען; בעדעקט ווערען אדער בעדעקען מיט מעהל־טהוי, ראסט אדער פלעקען.

mil'dewy *a.* (מיל'-דיו-אי) בעדעקט מיט מעהל־טוי אדער ראסט־פלעקען [וועגען פלאנצען אדער שטאפען]. ז. *mildew*.

mild'ly *adv.* (מאילד'-לי) מיט מילדקייט, מיט זאנפטקייט, מיט צערטליכקייט, מיט גוטמוטיגקייט; ווייך, שוואך, אהן שארפקייט.

mild'ness *n.* (מאילד'-נעס) מילדקייט, זאנפטינקייט, גוטסקייט, צערטליכקייט; שוואכקייט, ווייכקייט.

mild'-spir'ited *a.* (מאילד'-ספּיר'-אי-טעד) גוטמוטיג, זאנפטמוטיג.

mild'-spo'ken *a.* (מאילד'-ספּאוקן) מילד גערעדט, אויסגעדריקט אין מילדע, ניט בעליידיגענדע ווערטער.

mild tem'per (מאילד טעמ'-פּער) א זאנפטער, גוטמוטיגער כאראקטער; גוטמוטיגקייט.

mild'-tem'pered *a.* (מאילד'-טעמ'-פּערד) גוטמוטיג, זאנפטמוטיג.

mile *n.* (מאיל) א מייל.

mi'leage *n.* (מאי'-לעדזש) א לענג גערעכענט אין מיילען; רייזע־קאסטען פאר אן אנגעשטעלטען אדער בעאמטען, גערעכענט פון מייל; פרייזען פון אייזענבאהנען פער מייל; א ביכעל פון באהן־בילעטען וואס בערעכטיגט אויף א רייזע פון א בעשטימטער צאהל מייל.

mile'-col'umn *n.* (מאיל'-קאל'-אם) ז. *mile-post*.

mile'-mark *n.* (מאיל'-מארק) ז. *mile-post*.

mile'-post *n.* (מאיל'-פּאוסט) דער מייל־עז־סלופּ, דער מיילען־צייגער [צו בעצייכענען די מיילען אויף א וועג].

Mile'sian *a. and n.* (מי-ליע'-שיען) מילעזיש, וואס איז שייך צו דער פארצייטיגער שטאדט מילעט [אין קליין אזיען] אדער איהרע איינוואהנער; אירלענדיש, וואס איז שייך צו אירלאנד אדער אירלענדער; אן איינוואהנער פון מילעט; אן אירלענדער.

mile'-stone *n.* (מאיל'-סטאון) א מייל־שטיין, א מייל־זייל, א מייל־צייכען [צו בעצייכענען די צאהל מיילען אויף א וועג].

mile'-stone mon'ger (מאיל'-סטאון מאנ'-גער) א שטענדיגער וואנדערער.

mil'foil *n.* (מיל'-פאיל) די שאף־גארב אדער דאס טויזענד־בלעטער גראז [א גרויליך־גרין גראז מיט ווייסע און רויטליכע בינטלעך בליטהען און פעדער־עהנליכע בלעטלעך. וואקסט אויף טרוקענע פּאשע־פּלעצער און ביי די זייטען פון וועג און ווערט גענוצט אלס פוטער פאר בהמות.

Milfoil

די בלעטער און די בלימלעך ווערען געברויכט אין מעדיצין אלס קרעפטיגונגס־מיטעל און צו פערהאלטען בלוט־גיסונג].

milia'ria *n.* (מיל-אי-איי'-רי-א) הירזש־קדחת, הירזש־פיעבער [אזא פיעבער, ביי וועלכען דער קערפּער ווערט בעדעקט מיט א דראבנעם אויסשלאג].

mil'iary *a.* (מיל'-אי-ע-רי) הירזש־עהנליך, וואס דערמאהנט אן דעם אויסזעהן אדער אן דער גרויס פון הירזש.

milieu' *n.* (מי-ליעי') די מיליע, די סביבה, די אומגעבונג, די ארומיגע בעדינגונגען.

mil'itancy *n.* (מיל'-אי-טענ-סי) קריגערישקייט; קריעגס־צושטאנד.

mil'itant *a.* (מיל'-אי-טענט) קריעגעריש, שטרייטענד, קעמפּפענד; קריעגפיהרענד; קריעגעריש געשטימט, מיט א קריעגערישער נייגונג.

mil'itantly *adv.* (מיל'-אי-טענט-לי) אויף א קריעגערישען אופן.

mil'itarily *adv.* (מיל'-אי-טע-רי-לי) אויף א מיליטערישען אדער קריעגערישען אופן; דורך מיליטער; פון מיליטערישען שטאנדפּונקט.

mil'itarism *n.* (מיל'-אי-טע-ריזם) מיליטאריזם, די סיסטעם פון א רעגיערונג צו פערשטארקען איהר מיליטערישע מאכט דורך דער אויפהאלטונג פון א גרויסער ארמעע; מיליטאריסטישער גייסט; א קריעגערישע שטימונג; א צושטאנד, ווען דאס מיליטער און די מיליטער־אינטערעסען שפּיעלען די הויפּט ראלע אין א שטאאט.

mil'itarist *n.* (מיל'-אי-טע-ריסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך אדער איז גוט בעקאנט מיט דער קריעגס־קונסט; א מיליטאריסט, אן אנהענגער פון מיליטאריזם. ז. *militarism*.

mil'itary *a. and n.* (מיל'-אי-טע-רי) מיליטעריש, זעלנעריש, סאלדאטיש; קריעגעריש; זעלנער, סאלדאטען [קאלעקטיוו]; די אפיציערען פון אן ארמעע; מיליטער.

mil'itary ar'chitecture (מיל'-אי-טע-רי אר'-קי-טעק-טשור) מיליטערישע בוי־קונסט [פון פעסטונגען א. ד. ג.].

mil'itary art (מיל'-אי-טע-רי ארט) קריעגס־קונסט [ארמעע־פיהרונג, סטראטעגיק, קריעגס־ארכיטעקטור, אנווענדונג פון קריעגס־מאשינען און וואפען א. ז. וו.].

mil'itary code (מיל'-אי-טע-רי קאוד) דאס געזעץ וועגען מיליטערישע ענינים.

mil'itary commis'sion (מיל'-אי-טע-רי קא-מיש'-אן) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די קריעגס־קאמיסיאן [א מיליטערישע קערפּערשאפט וואס האט צו אורטיילען איבער פערברעכענס געגען קריעגס־געזעצען].

mil'itary court (מיל'-אי-טע-רי קאורט) א מיליטער־געריכט, א קריעגס־געריכט.

mil'itary lands (מיל'-אי-טע-רי לענדז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — לאנד וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען צו אלטע סאלדאטען אלס בעלוינונג פאר זייער דיענסט.

mil'itary law (מיל'-אי-טע-רי לאה) מיליטערישע געזעצען; קריעגס־געזעצען.

mil'itary police' (מיל'-אי-טע-רי פּא-ליס') א געוויסע צאהל סאלדאטען, וועלכע האבען אין דער ארמעע געוויסע פּאליציי־פפליכטען, ווי ארעסטירען, האבען אויפזיכט אויף די מיליטערישע טורמעס א. ד. ג.; א פּאליציי, וואס איז ארגאניזירט אויף א מיליטערישען אופן, ווי דער זשאנדארמען־קארפּוס אין רוסלאנד א. ד. ג.

mil'itary ten'ure (מיל'-אי-טע-רי טענ'-יור) לאנד וואס ווערט איינעם אוועקגעגעבען אויף דער פערפפליכטונג פון מיליטער־דיענסט.

mil'itate *v.* (מיל'-אי-טייט) 1. שטרייטען געגען, קומען אין צוזאמענשטויס; 2. קעמפּפען [דאפיר אדער דאגעגען].

2. These facts **militate** against the success of our plans.

milita'tion *n.* (מיל-אי-טיי'-שאן) צוזאמענשטויס, שטרייטיגקייט.

mili'tia *n.* (מי-ליש'-א) מיליץ, א ניט־רעגולערע ארמעע; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די שטאאט־מיליץ, וואס געפינט זיך אונטער דער קאנטראלע פון די בעזונדערע שטאאטען [ניט פון דער פעדעראלער רעגיערונג ווי די רעגולערע ארמעע], געהט אבער איבער אונטער דער קאנטראלע פון דער פעדעראלער רעגיערונג בעת א מלחמה.

mili'tiaman *n.* (מי-ליש'-ע-מען) א סאלדאט פון דער מיליץ. ז. *militia*.

milk *n. and v.* (מילק) מילך; מילך־עהנליכע זאפט [הויפּטזעכליך פון פלאנצען]: א מאטער פלעק אין דימענטען; מעלקען; ארויסשטעלען א פערד צום וועטלויפען מיט'ן צוועק צו וועטען געגען איהם; אין טעלעגראפיע — אבציהען פון א דראט א טייל פון דעם עלעקטרישען שטראם.

milk'-ab'scess *n.* (מילק'-עב'-סעס) א ברוסט־געשוויר ביי פרויען [אין דער צייט ווען זיי זויגען א קינד].

milk'-and-wa'ter *a.* (מילק'-ענד-וואה'-טער) שוואך, כאראקטערלאז.

milk'-blotch *n.* (מילק'-בלאטש) א מין פארך אויף'ן געזיכט, האלז און ברוסט פון קליינע קינדער.

milk'-broth'er *n.* (מילק'-בראטה'-ער) א מילך־ברודער [איינער וואס איז צוזא־מען מיט אן אנדערען אדער אנדערער אויסגעהאדעוועט געווארען פון דערזעל־בער פרוי אדער אם].

milk'-can *n.* (מילק'-קען) א מילך־קאן.

milk'-car *n.* (מילק'-קאר) א וואגאן צו פיהרען מילך [אין קאנען].

milk'-coo'ler *n.* (מילק'-קוה'-לער) א מילך־קיהלער [אן אפאראט אבצוקיהלען פריש אויסגעמאלקענע מילך.

milk'-crust *n.* (מילק'-קראסט) ז. *milk-blotch*.

milk'-cure *n.* (מילק'-קיור) היילונג דורך א מילך־דיעטע [מילך־שפייז־סיסטעם].

milk'-denti'tion *n.* (מילק'-דענ-טיש'-אן) מילך־צייהן.

milk'-di'et *n.* (מילק'-דאי'-עט) א מילך־דיעטע, א מילך־שפייז־סיסטעם.

milk'-duct *n.* (מילק'-דאקט) א מילך־קאנאל [אין די ברוסטען].

mil'ken *a.* (מילקן) מילכיג; מילך־עהנליך.

mil'ker *n.* (מיל'-קער) א מעלקער, א מעלקעריז; אן אפאראט צו מעלקען בהמות; א מעלקעדיגע בהמה.

milk'-fac'tory *n.* (מילק'-פעק'-טא-רי) א פוטער און קעז פאבריק; א פאבריק, וואו מען מאכט קאנדענזירטע מילך; אין אירלאנד — א פאבריק, וואו מען נעהמט ארויס די סמעטענע פון דער מילך.

milk'-farm *n.* (מילק'-פארם) א מילך־פערמע, א מעלקעריי [א פערמע פאר מילך־פראדוקציאן].

milk'-fe'ver *n.* (מילק'-פיע'-ווער) מילך־פיבער [א פיבערישער צושטאנד ביי קינפעטארינס אין דער צייט, ווען עס הויבט זיך ביי זיי אן צו ענטוויקלען מילך].

milk'-fish *n.* (מילק'-פיש) דער מילך־פיש [אזא אויסטראלישער פיש, וואס לאזט ארויס פון זיך א מילך־עהנליכע פליסיגקייט].

milk'-flour *n.* (מילק'-פלאור) מילך־מעהל [מילך וואס ווערט אויסגעדראכפעט און פערוואנדעלט אין מעהל אדער פול־ווער].

milk'ful *a.* (מילק'-פול) איבערפליסענד מיט מילך; פרוכטבאר.

milk'-glass *n.* (מילק'-גלעס) מילך־גלאז אדער קריאליט־גלאז [אזא ווייסער זארט גלאז]. ז. *cryolite*.

milk'-hedge *n.* (מילק'-העדזש) אזא בוימעל אין אפריקא און אינדיען [ווערט געברויכט פאר פלעכטען פלויטען. די מילך־עהנליכע זאפט פון דעם בוימעל ווערט געברויכט אלס הייל־מיטעל].

milk'-house *n.* (מילק'-האוס) א מילך־קראם; א מילך־קאמער.

mil'kily *adv.* (מיל'-קי-לי) ווי מילך; מיט א מילך־אויסזעהן.

mil'kiness *n.* (מיל'-קי-נעס) מילכיג־קייט; מילך־עהנליכקייט; ווייכקייט, זאנפטקייט, מילדקייט.

mil'king *n.* (מיל'-קינג) דאס מעלקען; א געמעלק [די מילך וואס ווערט אויס־געמאלקען פאר איין מאל]; דאס ווערטען געגען אייגענעם פערד [ביי וועט־לויפען, ווען מען ווייסט, אז ער וועט ניט לויפען אדער אז ער וועט ניט געווינען].

mil'king-stool *n.* (מיל'-קינג-סטוהל) א מעלק־ביינקעל [צום זיצען ביים מעלקען בהמות].

Milking-stool

mil'king-time *n.* (מיל'-קינג-טאים) די צייט [הויפטזעכליך אבענד־צייט], ווען מען מעלקט געוועהנ־ליך די בהמות.

mil'king-tube *n.* (מיל'-קינג-טיוב) א מעלק־רעהרעל [א דין זילבערן רעהרעל וואס מען שטעלט אריין אין די ציצקעס פון א בהמה, אום לייכטער צו מאכען דעם מילך־אויספלוס ביים מעלקען].

milk'-kin'ship *n.* (מילק'-קינ'-שיפ) מילך־קרובה'שאפט [צווישען מענשען וואס זיינען אויסגעהאדעוועט געווארען פון דער־זעלבער פרוי].

milk'less *a.* (מילק'-לעס) אהן מילך.

milk'-liv'ered *a.* (מילק'-ליוו'-ערד) פייג, שרעקעדיג.

milk'maid *n.* (מילק'-מייד) א פרוי וואס מעלקט בהמות אדער איז בעשעפטיגט אין א מילך־געשעפט.

milk'man *n.* (מילק'-מען) א מילכמאן, א מילכיגער, א מילך־פערקויפער, א מילך־פאנאנדערפיהרער.

milk'-meat *n.* (מילק'-מיעט) מילך־שפייזען; מילך־פראדוקטען [ווי קעז, פו־טער א. ז. וו.].

milk'-mir'ror *n.* (מילק'-מיר'-אר) גע־וויסע צייכענס אויף דעם אייטער פון א קוה, לויט וועלכע מען קען דערקענען, ווי עס ווערט בעהויפטעט, וויפיעל די קוה גיט מילך און וואס פאר א מילך זי גיט.

milk'-mo'lar *n.* (מילק'-מאו'-לאר) א מילך־באקצאהן [א באקצאהן ביי א קינד וועלכער בייט זיך אין עלטער פון 7 ביז 12 יאהר אויף א בעשטענדיגען צאהן].

milk'-nurse *n.* (מילק'-נוירס) א זויגע־ריז, אן אם.

milk of magne'sia (מילק אוו מעג-ניע'-שיא) מילך־מאגנעזיע [מאגנעזיע גע־מישט מיט מילך, אלס אבפיהרונגס־מי־טעל].

milk'-pail *n.* (מילק'-פייל) א מילך־עמער, א דאיניצע.

milk'-pan *n.* (מילק'-פען) א מילך־פאן, א מילך־כלי, א לאדישעק [צום איינשטע־לען מילך, צו מאכען סמעטענע].

milk'-pap *n.* (מילק'-פעפ) א ציצקע, א ברוסט־נאפעל.

milk'-por'ridge *n.* (מילק'-פאר'-אידזש) מילך־זופ, מילך־קאשע.

milk'-pot'tage *n.* (מילק'-פאט'-עדזש) ז. *milk-porridge*.

milk'-pump *n.* (מילק'-פאמפ) א מילך־אבציהער [אן אינסטרומענט צו ציהען מילך פון די ברוסטען].

milk'-punch' *n.* (מילק'-פאנטש') מילך־פונש [א געטראנק פון מילך, ספירים, צו־קער און מוסקאט־נוס].

milk'-room *n.* (מילק'-רוהם) א מילך־קאמער.

milk'-scab *n.* (מילק'-סקעב) ז. *milk-blotch*.

milk'-shake' *n.* (מילק'-שייק') א גע־טראנק פון סאדא־וואסער, מילך און פרוכט־זאפט, וועלכע ווערען צונויפגעמישט דורך אזא מאשינקע.

milk'-sick *a.* (מילק'-סיק) קראנק אויף מילך־פעסט. ז. *milk-sickness*.

milk'-sick'ness *n.* (מילק'-סיק'-נעס) מילך־פעסט [א פיה־קראנקהייט, וואס איז פערשפרייט אין אייניגע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. מיט דיעזער קראנקהייט ווערען אויך אנ־געשטעקט מענשען, ווען זיי עסען דאס פלייש און די מילך־פראדוקטען פון די קראנקע בהמות. ביי מענשען דריקט זיך די קראנקהייט אויס אין ברעכען, לאקסי־רען און נערוועזער אויפרעגונג].

milk'-snake *n.* (מילק'-סנייק) די מילך־שלאנג [אזא שעהנע ניט גיפטיגע שלאנג ביי דריי פוס לאנג, פון א געלבליך־גרויען קאליר מיט שאקאלאד־שווארצע פלעקען].

milk'sop *n.* (מילק'-סאפ) א שטיקעל ברויט געווייקט אין מילך [פאר קליינע קינדער צו זויגען]; א פערצערטעלטער, ווייבער, שוואכער מאן, א פרויען־עהנלי־כער מאן [אין כאראקטער, אויסזעהן א. ז. וו.].

milk'sopism *n.* (מילק'-סאפ-איזם) דאס זיין שוואך, ווייך, פערצערטעלט, פרויען־עהנליך.

milk'-sug'ar *n.* (מילק'-שוג'-אר) מילך־צוקער [צוקער וואס מען קריעגט ארויס פון מילך].

milk'-tes'ter *n.* (מילק'-טעס'-טער) א מילך־מעסטער [אן אינסטרומענט צו בע־שטימען די פעטקייט און ריינקייט פון מילך].

milk the he'-goat (מילק טהי היע'-גאוט) "מעלקען דעם באק" [טהאן אן ארויסגעווארפענע ארבייט].

milk the pig'eon (מילק טהי פידזש'-אן) ז. *milk the he-goat*.

milk the ram (מילק טהי רעם) "מעל־קען דעם באק" [טהאן אן ארבייט וואס קען צו קיין רעזולטאטען ניט פיהרען].

milk'-tie *n.* (מילק'-טאי) מילך־קרובה'־שאפט [קרובה'שאפט דורך דעם וואס מען איז אויסגעהאדעוועט געווארען פון דער־זעלבער פרוי].

milk'-tooth *n.* (מילק'-טוהטה) א מילך־צאהן [א צאהן ביי א קינד וואס בייט זיך שפעטער אויף א בעשטענדיגען].

milk'-tree *n.* (מילק'-טריע) דער מילך־בוים. ז. *cow-tree*.

milk'-vat *n.* (מילק'-וועט) א מילך־פאס, א מילך־צעבער [צום איינשטעלען מילך].

milk'-ves'sel *n.* (מילק'-וועס'-על) א מילך־זאפט־אדער [אין א פלאנצע — א רעהרעל, דורך וועלכען עס טריפט ארויס א מילך־עהנליכע זאפט].

milk'-vetch *n.* (מילק'-וועטש) שטראגעל [אזא פלאנצע, וועגען וועלכער מען גלויבט אז די בהמות וואס שפייזען זיך מיט איהר, גיבען פיעל מילך].

milk'-warm *a.* (מילק'-הוואהרם) ווא־רעם ווי נאר־וואס אויסגעמאלקענע מילך.

milk'weed *n.* (מילק'-הוויעד) די שוואל־בענקרויט אדער זיידענפלאנצע [א מין גראז וואס גיט פון זיך ארויס א מילך־עהנ־ליכען זאפט].

milk'-white *a.* (מילק'-הוואיט) מילך־ווייס, ווייס ווי מילך.

milk'wort *n.* (מילק'-הוואירט) די קרייץ־בלום אדער די מילך־פלאנצע [אזעל־כע פלאנצען, וועגען וועלכע מען גלויבט, אז פון זיי קומט צו מילך ביי זויגענדע פרויען].

mil'ky *a.* (מיל'-קי) מילכיג; מילך־עהנ־ליך; וואס גיט מילך, מעלקעדיג; זויגע־

דיג; פול מיט מילך־עהנליכער זאפט; ווייך, מילד, פרויען־עהנליך [אין כאראקטער, אויסזעהן א. ז. וו.].

Mil'ky Way (מיל'-קי הוויי) די מילך־שטראסע, דער מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הימעל וואס בעשטעהט פון זעהר פיעל אונזיכטבארע שטערען].

mill *n. and v.* (מיל) א מיהל; א מאשין צום מאהלען אדער צו צורייבען; א פאבריק; א פויסטען־קאמפף; א טויזענדסטעל; א צעהנטעל פון א סענט [א טויזענדסטעל פון א דאלאר]; מאהלען [אין א מיהל]; צורייבען; מאכען א ראנד פון א מטבע [כדי די צורה פון דער מטבע זאל זיך ניט אברייבען]; קעמפפען מיט די פויסטען [באקסען]; זיך אונטערטונקען און שווימען אונטער'ן וואסער [וועגען וואלפיש]; זיך דרעהען אין דער רונד ארום איין פונקט אהן א געוויסען ציעל [וועגען סטאדעס בהמות].

mill'-bar *n.* (מיל'-באר) א געוואלצטער אייזען־שטאנג.

mill'board *n.* (מיל'-באורד) טאקטור, טאוועל־פאפיער, קארדאן.

mill'-dam *n.* (מיל'-דעם) א מיהל־דאמבע [א וואנד וואס פערהאלט דאס וואסער פון א טייך נעבען א וואסער־מיהל].

milled *a.* (מילד) געמאהלען אין א מיהל; אויסגעזעגט אדער אויסגעבויערט; געוואלצט [וואס איז בעארבייט מיט וואלצען אדער ראלען]; געמאכט מיט א מאשין.

milled cloth (מילד קלאטה) געוואלעטעס אדער געפילצטעס טוך.

milled lead (מילד לעד) וואלץ־בליי [בליי וואס איז אויסגעוואלצט אין בויגענס, ווי בלעך].

milled mon'ey (מילד מאנ'-אי) מטבעות וואס זיינען געמאכט דורך א פרעס־מאשין [צום אונטערשיעד פון מטבעות וואס ווערען געמאכט מיט א פורעם].

millena'rian *a. and n.* (מיל-ע-ניי'-רי-ען) טויזענד־יעהריג, וואס בעשטעהט פון טויזענד יאהר; איינער וואס גלויבט אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן.

millena'rianism *n.* (מיל-ע-ניי'-רי-ען-איזם) דאס גלויבען, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער די וועלט וועט אונטערגעהן.

mil'lenary *n. and a.* (מיל'-ע-נע-רי) א טויזענד יאהר, א משך פון טויזענד יאהר; איינער וואס גלויבט, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן; טויזענד־יעהריג.

millen'nial *a.* (מי-לענ'-אי-על) טויזענד־יעהריג, וואס בעשטעהט פון טויזענד יאהר.

millen'nialist *n.* (מי-לענ'-אי-על-איסט) איינער וואס גלויבט, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן.

millen'nianism *n.* (מי-לענ'-אי-ענ-איזם) ז. *millenarianism*

millen'niarism *n.* (מי-לענ'-אי-ע-ריזם) ז. *millenarianism*

millen'nium *n.* (מי-לענ'-אי-אם) א טויזענד־יאהר, א יאהר־טויזענד; די טויזענד יאהר וואס, לויט דעם גלויבען פון די קריסטען, יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט איידער זי וועט אונטערגעהן.

mil'leped *n.* (מיל'-ע-פעד) א טויזענד־פיסיגער [אזא ווארם מיט זעהר פיעל פיס].



Milleped

mil'lepore *n.* (מיל'-ע-פאור) דער מילעפאר אדער פונקט־קאראל [א קאראל מיט אן אונגעהייערער צאהל קליינינקע לעכעלעך אדער גריבעלעך. פון דיעזען קאראל האט זיך אויסגעבילדעט די גרעסטע צאהל קאראל־ריפען אין אטלאנטישען און אינדישען אקעאן].

mil'leporite *n.* (מיל'-ע-פאור-איט) א מילעפאריט [א פערשטיינערונג פון א פונקט־קאראל ארגאניזם].

mill'er *n.* (מיל'-ער) א מילנער; אזא שמעטערלינג מיט מעהל־ווייסע פליגעלעך; א מאשין צום שניידען רעדער־צייהנער אדער מטבעות־ראנדען.

mill'er's-thumb *n.* (מיל'-ערז-טהאם) די גראפע [אזא פיש מיט א גרויסען פלאכען און ברייטען קאפ און מיט לאנגע שטאכלעך ארום די זשאברעס. געפינט זיך אין די אייראפעאישע ימים און בייט אפט דעם קאליר לויט דער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך]

milles'imal *a.* (מי-לעס'-אי-מעל) טויזענדסט; טויזענדפאך, וואס בעשטעהט פון טויזענד טיילען.

mil'let *n.* (מיל'-עט) הירזש.

Millet

mil'let-grass *n.* (מיל'-עט-גרעס) הירזש־גראז [אזא הויכעס זארט גראז וואס ווערט בענוצט אלס פוטער פאר בהמות].

mill'-eye *n.* (מיל'-אי) די עפנונג אין די קאסטענס פון א מיהל, פון וועלכער עס שיט זיך דאס מעהל.

mill'-fur'nace *n.* (מיל'-פויר'-נייס) א שווייס־אויוועז [וואו עס ווערט צונויפגעשווייסט אייזען].

mill'-hand *n.* (מיל'-הענד) אן ארבייטער אין א מיהל; א פאבריק־ארבייטער.

mill'-hop'per *n.* (מיל'-האפ'-ער) א מיהל־טריכטער [די לייקע דורך וועלכער מען שיט אריין די תבואה צום מאהלען].

mill'-horse *n.* (מיל'-האהרס) א מיהל־פערד [א פערד צום דרעהען א מיהל].

mil'liampere *n.* (מיל'-אי-עמ-פעהר) אן איינהייטס־מאס פון עלעקטריציטעט וואס איז גלייך צו א טויזענד־חלק פון אן אמפער ז. *ampere*

mil'liard *n.* (מיל'-יארד) א מיליארד [טויזענד מיליאן].

mil'liary *a. and n.* (מיל'-אי-ע-רי) וואס בעצייכענט מיילען; א מייל־שטיין [א שטיין וואס ווערט געשטעלט צו בעצייכענען א מייל].

millier' *n.* (מיל-יעי') טויזענד קילאגראם [דאס געוויכט פון א קוביק־מעטער וואסער פון 4 צעלזיוס טעמפעראטור].

mil'ligram *n.* (מיל'-אי-גרעם) א מיליגראם [א טויזענדסטעל פון א גראם].

mil'ligramme *n.* (מיל'-אי-גרעם) ז. *milligram*

mil'liliter *n.* (מיל'-אי-לי-טער) א טויזענדסטעל פון א ליטער. ז. *liter*

mil'lilitre *n.* (מיל'-אי-לי-טער) ז. *milliliter*

mil'limeter *n.* (מיל'-אי-מי-טער) א מילימעטער [א טויזענדסטעל פון א מעטער]. ז. *meter*

mil'limetre *n.* (מיל'-אי-מי-טער) ז. *millimeter*

mil'liner *n.* (מיל'-אי-נער) א פוץ־הענדלער, פוץ־מאכער [וואס בעפוצט אדער פערקויפט דאמען־היט]; א פוץ־מאכערין, א פוץ־הענדלערין; א מאדיסטקע.

mil'linery *n.* (מיל'-אי-נער-אי) פוץ־וואארען, מאדע־וואארען [פאר דאמען]; א פוץ־וואארען־האנדלונג, א דאמען־הוט־האנדלונג.

mill'ing *n.* (מיל'-אינג) דאס מאהלען אין א מיהל, דאס מאהלען מעהל; דאס אויספרעגען א ראנד פון א מטבע; דאס וואלענען אדער פילצען טוך.

mill'ing-machine' *n.* (מיל'-אינג-מע-שין') א מאשין צום שניידען די צייהנער אין צאהן־רעדער; א מאשין צום אויספרעגען דעם ראנד פון מטבעות.

mil'lion *n. and a.* (מיל'-יאן) א מיליאן [טויזענד מאל טויזענד]; זעהר א גרויסע צאהל; וואס בעשטעהט פון א מיליאן.

millionaire' *n.* (מיל-יאן-עהר') א מיליאנער [איינער וואס פערמאגט מיליאנען].

millionnaire' *n.* (מיל-יאן-עהר') ז. *millionaire*

mil'lionary *a.* (מיל'-יאן-ע-רי) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון מיליאנען.

mil'lionism *n.* (מיל'-יאן-איזם) דאס האבען מיליאנען.

mil'lionist *n.* (מיל'-יאן-איסט) א מיליאנער.

mil'lionth *n. and a.* (מיל'-יאנטה) א מיליאנט־חלק, א מיליאנטעל; וואס איז א מיליאנטעל.

mil'lipede *n.* (מיל'-אי-פיעד) ז. *milleped*

mil'lipede *n.* (מיל'-אי-פעד) ז. *milleped*

mil'livolt *n.* (מיל'-אי-וואולט) א טויזענדסטעל פון א וואלט. ז. *volt*

mill'man *n.* (מיל'-מען) איינער וואס איז בעשעפטיגט אין א מיהל.

mill'-pick *n.* (מיל'-פיק) א געצייג צו שארפען מיהל־שטיינער [אויסצוקלאפען די פערטיעפונגען].

mill'-pond *n.* (מיל'-פאנד) א מיהל־טייך [א וואסער וואס איז אבגעשפארט מיט א דאמבע צו בעטרייבען א מיהל].

mill'-pool *n.* (מיל'-פוהל) ז. *mill-pond*

mill'-race *n.* (מיל'-רייס) א שטראם

וואסער וואס טרייבט די רעדער פון א מיהל.

mill'round *n.* (מיל'-ראונד) א שטענדיגע מאנאטאנגע אדער איינארטיגע ארבייט.

mill'-run *n.* (מיל'-ראן) ז. *mill-race*

mill'-sail *n.* (מיל'-סייל) א זעגעל פון א ווינד-מיהל.

mill'-six'pence *n.* (מיל'-סיקס'-פענס) אן ענגלישע זילבערנע מטבע פון 6 פעניס, מיט א געפרעגטען ראנד.

mill'stone *n.* (מיל'-סטאון) א מיהל-שטיין.

mill'stone-dress'er *n.* (מיל'-סטאון-דרעס'-ער) אן ארבייטער וואס קלאפט אויס די פערטיעפונגען אין א מיהל-שטיין; א מאשין צו שארפען מיהל-שטיינער.

mill'stone-feed *n.* (מיל'-סטאון-פיעד) א פאררוכטונג, וועלכע רעגולירט די קוואנטיטעט פון קארן וואס שיט זיך אין מיהל-שטיין.

mill'stone-grit *n.* (מיל'-סטאון-גריט) א מין פעלז, פון וועלכען מען האקט אויס מיהל-שטיינער אין ענגלאנד.

mill'stone-ham'mer *n.* (מיל'-סטאון-העמ'-ער) ז. *mill-pick*

mill'-tail *n.* (מיל'-טייל) דער מיהל-אבפלוס-שטראם [דער וואסער-שטראם וואס געהט ארויס פון דעם מיהל-ראד נאכדעם ווי ער האט זיך אומגעדרעהט].

mill'-ward *n.* (מיל'-הוואהרד) א מילנער; א מיהל-אויפזעהער.

mill'-work *n.* (מיל'-הוואירק) מיהל-ווערק, די מאשינעריע פון א מיהל אדער פאבריק.

mill'wright *n.* (מיל'-ראיט) איינער וואס בויט מיהלען.

mill'wrighting *n.* (מיל'-ראי-טינג) די קונסט פון בויען מיהלען.

milord' *n.* (מי-לאהרד') פערקירצונג פון *my lord*

mil'reis *n.* (מיל'-רים) טויזענד ריס, [א פארטוגעזישע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך 1 אמעריקאנער דאלאר מיט 8 סענט; א בראזילישע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך 55 אמעריקאנער סענט].

mil'sey *n.* (מיל'-סי) א מילך-זייער.

milt *n. and v.* (מילט) א מילץ; מילך [פון פיש]; בעפרוכטען [ביי פיש].

mil'ter *n.* (מיל'-טער) א פיש אדער א הערינג מיט מילך; דער זכר פון פיש אין דער בעפרוכטונגס-צייט.

mil'vine *n. and a.* (מיל'-ווין) א מין שפארבער אדער קארשון; וואס איז שייך צו דיעזען מין שפארבער. ז. *kite*

mim'bar *n.* (מימ'-באר) די בימה אין א מאכמעדאנישער מאשעע.

mime *n. and v.* (מאים) א מימיקער; א נאכמאכער; א פאיאץ, א קלאון, אן אקטיאר א מימיקער; א מימישעס טעאטער-שטיק [וואו עס ווערט געשפיעלט נאר דורך בעוועגונגען און אהן ווערטער]; שפיעלען דורך מימיק; שפיעלען דעם פאיאץ.

mim'eograph *n.* (מימ'-אי-א-גרעף) א מימעאגראף [אזא אפאראט צו פערפיעלפאכען א געשריבענע שריפט].

mime'sis *n.* (מאי-מי'-סיס) ז. *mimicry*

mimet'ic *a.* (מאי-מעט'-איק) וואס איז געשיקט אין נאכמאכונג אדער נאכאהמונג; נאכמאכענד, נאכאהמענד.

mimet'ical *a.* (מאי-מעט'-אי-קעל) ז. *mimetic*

mimet'ically *adv.* (מאי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א נאכאהמענדען אדער נאכמאכענדען אופן; דורך מימיק.

mim'ic *a., n. and v.* (מימ'-איק) מימיש; וואס מאכט נאך ווי א מימיקער; נאכמאכענד אדער נאכאהמענד דורך בעוועגונגען; וואס איז נאכגעמאכט אדער נאכגעאהמט; א מימיקער; א נאכאהמער; א מימישער אקטיאר; נאכאהמען, נאכמאכען.

mim'icker *n.* (מימ'-אי-קער) א מימיקער.

mim'icry *n.* (מימ'-איק-רי) נאכמאכונג אדער נאכאהמונג; אין זאאלאגיע — מימיקריע, דאס פערשטעלען זיך פאר עטוואס אנדערש [ווי א צווייג-אינזעקט וואס האט די פארם פון א טרוקענעם צווייגעל א. ד. ג.].

Mimo'sa *n.* (מאי-מאו'-סא) די מימאזע, א מין פלאנצען פון טראפישע לענדער מיט ווייסע בלומען. ביי פיעלע גאטונגען פון דיעזען מין זיינען די בלעטעלעך זעהר עמפפינדליך און ביי יעדער בעריהרונג מאכען זיי זיך צו.

mi'na *n.* (מאי'-נא) א מין אינדישער קראקעדיגער שטיינ-פויגעל, וועלכען מען קען אויסלערנען רעדען; א מנה [אזא פארצייטיג געוויכט אדער פארצייטיגע מטבע פון 60 שקל ביי די אידען, ביי די גריכען און ביי איניגע אנדערע פארצייטיגע פעלקער].

minar' *n.* (מי-נאר') ז. *minaret*

min'aret *n.* (מינ'-ע-רעט) א מינארעט [אזא שמאלער, הויכער טהורם מיט גאלערען ווי עס ווערט געבויט אויף די מאכמעדאנישע מאשעען].

Minaret

minato'rial *a.* (מינ-ע-טאו'-רי-על) וואס סטראשעט, וואס דראהט.

minato'rially *adv.* (מינ-ע-טאו'-רי-על-אי) אויף א דראהענדען אופן; סטראשענדיג.

min'atorily *adv.* (מינ'-ע-טא-רי-לי) מיט סטראשונקעס, מיט דראהונגען.

min'atory *a.* (מינ'-ע-טא-רי) דראהענד, סטראשענד.

min'bar *n.* (מינ'-באר) ז. *mimbar*

mince *v. and n.* (מינס) צוהאקען אין קליינע שטיקלעך; פערקלענערען, פערמינדערען; ניט דעררעדען; ריידען מיט א האלבען מויל; ריידען ציערליך-מאניערליך; ריידען מיט א געמאכטער עלעגאנטקייט; געהן מיט געצעהלטע טריט; דין געהאקט פלייש.

minced pie (מינסט פאי) ז. *mince-pie*

mince mat'ters (מינס מעט'-ערז) רייזדען מיט א האלבען מויל אדער מיט כלומר'שדיגער עדעלקייט; זיך דרעהען, ניט זאגען גלייך.

Be frank. Don't **mince matters** and come to the point.

mince'-meat *n.* (מינס'-מיעט) דין געהאקט פלייש.

mince'-pie *n.* (מינס'-פאי) א קוכען געפילט מיט דין געהאקטען פלייש אדער פרוכט; א פיראג.

min'cing *a.* (מינ'-סינג) געציערט, אפעקטירט; וואס רעדט אדער געהט ציערליך-מאניערליך.

min'cing-knife *n.* (מינ'-סינג-נאיף) א האק-מעסער [צום האקען פלייש, גרינסען א. ד. ג.].

min'cingly *adv.* (מינ'-סינג-לי) אויף א ציע[illegible] אופן; אפעקטירענדיג; מיט ציערליכקייט.

mind *n. and v.* (מאינד) דער גייסט; די נשמה; דער ווילען; די ווילענסקראפט; פערלאנג, נייגונג; דאס געדעכניס, זכרון; די געדאנקען; די אינטעלעקטועלע קראפט; דער שכל; דער זינען; די מיינונג, די אנזיכט; די אבזיכט; אויפמערקזאמקייט; האבען אין זינען; נעהמען אין אכט; געדענקען; זיך בעציהען מיט אויפמערקזאמקייט; זיין געהארכזאם; זיך איבערלעגען; נאכטראכטען; האבען א נייגונג אדער פערלאנג; אויפמערקזאם מאכען; אויפפאסען; זיין אויף דער וואך; דערמאהנען.

mind'-cure *n.* (מאינד'-קיור) די מעטאדע פון היילען קראנקהייטען, וועלכע איז בעגרינדעט אויף דער בעהויפטונג, אז די אורזאכע פון אלע קערפערליכע קראנקהייטען איז דער אוננארמאלער גייסטיגער צושטאנד פון פאציענט און דעריבער דארף דער וואס קורירט די קראנקהייטען דירעקט ווירקען מיט זיין גייסטעס-קראפט אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם פאציענט.

mind'-cur'er *n.* (מאינד'-קיור'-ער) איינער וואס האלט פון דער טעאריע אז קראנקהייטען דארפען געהיילט ווערען דורך א דירעקטען איינפלוס אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם פאציענט.

mind'-day *n.* (מאינד'-דיי) יאהרצייט נאך איינעמס טויט.

min'ded *a.* (מאינ'-דעד) געזינט, גענייגט; וואס האט געוויסע געדאנקען, מיינונגען אדער אנזיכטען [ווערט געברויכט בלויז אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

min'dedness *n.* (מאינ'-דעד-נעס) נייגונג, געזינונג, אנזיכט [ווערט געברויכט בלויז אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

min'der *n.* (מאינ'-דער) אן אויפפאסער.

mind'ful *a.* (מאינד'-פול) 1. וואכזאם, אכטזאם, אויפמערקזאם; 2. האבענד אין זינען, וויסענד.

2. **Mindful** of the danger that confronted the army, the general ordered a retreat.

missumma'tion *n.* (מיס-סא-מיי'-שאן) א פאלשער חבור, א פאלשע צוזאמענרעכנונג.

mis'sus *n.* (מיס'-אז) ז. *missis*

misswear' *v.* (מיס-סהווערר') פאלש שווערען.

mist *n. and v.* (מיסט) א נעבעל, א טומאן; א שטויב-רעגען, א שפריי-רעגען [א דראבנע רעגענדעל]; פערנעבלען, פערטונקלען; רעגנען מיט דראבנע טראפענדלעך.

mista'kable *a.* (מיס-טיי'-קעבל) אין וואס מען קען א טעות האבען, וואס מען קען מיספערשטעהן.

mistake' *v. and n.* (מיס-טייק') האבען א טעות, מיספערשטעהן; א טעות, א פעהלער.

mista'ken *a.* (מיס-טיי'קן) שלעכט פערשטאנען; פאלש; וואס פערשטעהט פאלש, וואס האט א טעות.

mista'kenly *adv.* (מיס-טיי'קנ-לי) על פי טעות; ניט ריכטיג.

mistake' one's way (מיס-טייק' הוואנז הוויי) פערבלאנדזשען, אראבבלאנדזשען פון וועג.

mista'ker *n.* (מיס-טיי'-קער) איינער וואס מאכט א טעות.

mistake' the mark (מיס-טייק' טהי מארק) פערפעהלען דעם ציעל.

mista'king *n.* (מיס-טיי'-קינג) א טעות.

mista'kingly *adv.* (מיס-טיי'-קינג-לי) על פי טעות; ניט ריכטיג.

mist'-bow *n.* (מיסט'-באו) א נעבעל-בויגען [א ווייסער רעגענבויגען וואס בעווייזט זיך אמאל בעת א נעבעל].

mist'-col'ored *a.* (מיסט'-קאל'-ארד) פארבלאז.

misteach' *v.* (מיס-טיעטש') פאלש אונטערריכטען, פאלש לערנען.

mistell' *v.* (מיס-טעל') ניט ריכטיג דערצעהלען, ניט ריכטיג אנגעבען די צאהל.

mistem'per *v.* (מיס-טעמ'-פער) ארויסברייגגען פון נארמאלען צושטאנד, מאכען שלעכט געשטימט.

mis'ter *n.* (מיס'-טער) הערר; בעל-הבית.

misterm' *v.* (מיס-טוירם') אנרופען ניט מיט'ן ריכטיגען נאמען; רופען נעמען, געבען א צונעמעניש, בעליידיגען.

mist'-flow'er *n.* (מיסט'-פלאו'-ער) אזא שעהנע אמעריקאנישע פלאנצע מיט בלויע בליטהען וואס וואקסען אין בינטלעך.

Mist-flower

mist'ful *a.* (מיסט'-פול) נעבעלדיג, טומאנע; פערנעבעלט, פערטונקעלט.

misthink' *v.* (מיס-טהינק') דענקען ניט ריכטיג; האבען אן אונגינסטיגע מיינונג.

misthrive' *v.* (מיס-טהראיוו') ווי עס איז זיך דורכשלאגען, קוים דורכקומען.

misthrow' *v.* (מיס-טהראו') ווארפען ניט ריכטיג, ניט טרעפען.

mis'tily *adv.* (מיס'-טי-לי) אויף א נעבעלדיגען, טונקעלען אדער אונקלארען אופן.

mistime' *v.* (מיס-טאים') טהאן ניט צו דער רעכטער צייט.

mistimed' *a.* (מיס-טאימד') ניט צוגעפאסט צו דער צייט; וואס איז ניט אם פלאץ אין א געוויסער צייט אדער ביי א געוויסער געלעגענהייט.

mis'tiness *n.* (מיס'-טי-נעס) נעבעלדיגקייט, טומאנעקייט; טונקעלקייט, אונקלארקייט.

misti'tle *v.* (מיס-טאי'טל) אנרופען ניט מיט'ן ריכטיגען נאמען אדער טיטול.

mis'tlethrush *n.* (מיסל'-טהראש) דער מיסטעל-דראסעל [אזא פויגעלע וואס געפינט זיך אין אייראפא און אין אייניגע טיילען פון אזיע און אפריקא, האט גרויליך-ברוינע און געלבליכע פעדערען אויף'ן רוקען און אויף די פליגלען און ווייסליכע געפלעקטע פעדערען אויף'ן בייכעל און אויף'ן העלזעל].

mis'tletoe *n.* (מיז'ל-טאו) די מיסטעל [אזא אייראפעאישע פאראזיטישע פלאנצע וואס וואקסט אויף פערשיעדענע בוימער, הויפטזעכליך אויף עפעל-בוימער. זי גיט ארויס קליינע געלבליך-גריגע בליטהען און, אום ווינטער, ווייסע יאגדעס. פארצייטען איז די פלאנצע געברויכט געווארען פאר רעליגיעזע צוועקען און אויך אין מעדיצין. אויך יעצט ווערט זי אמאל געברויכט אום וויהנאכט].

Mistletoe

mist'like *adv.* (מיסט'-לאיק) אזוי ווי א נעבעל, ווי א טומאן; נעבעלהאפט.

mistook' (מיס-טוק') געמאכט א טעות. ז. *mistake*

mistradi'tion *n.* (מיס-טרע-דיש'-אן) א פאלשע טראדיציע; א שלעכט אנגעווענדעטע טראדיציע.

mistrain' *v.* (מיס-טריין') שלעכט ערציהען, שלעכט אויפברייגגען.

mis'tral *n.* (מיס'-טרעל) דער מיסטראל [א קאלטער נארד-וועסטליכער ווינד אין די טיילען פון פראנקרייך וואס געפינען זיך ביים מיטעללענדישען ים].

mistranscrip'tion *n.* (מיס-טרענ-סקריפ'-שאן) א פעהלערהאפטע קאפיע.

mistranslate' *v.* (מיס-טרענס-לייט') שלעכט איבערזעצען; איבערזעצען ניט ריכטיג.

mistransla'tion *n.* (מיס-טרענס-ליי'-שאן) א ניט ריכטיגע איבערזעצונג.

mistreat' *v.* (מיס-טריעט') שלעכט בעהאנדלען.

mistreat'ment *n.* (מיס-טריעט'-מענט) א שלעכטע בעהאנדלונג.

mis'tress *n. and v.* (מיס'-טרעס) א העררין, א בעל-הבית'טע; א פרוי, א פערהייראטע פרוי; א מאדאם; א געליעבטע; א קעבס-ווייב; א פרוי וואס איז געניט אין עפעס; זיין פערליעבט אין א פרוי, זיין א געליעבטער; ווערען א געליעבטע.

mis'tress-ship *n.* (מיס'-טרעס-שיפ) פרויען-הערשאפט, דאס בעל-הבית'עווען אדער די אויטאריטעט פון א פרוי.

mistri'al *n.* (מיס-טראי'-על) א געריכטס-פראצעס, ביי וועלכען דער אורטייל איז געווארען אונגילטיג צוליעב עפעס א פעהלער; א געריכטס-פראצעס, וועלכער ענדיגט זיך ניט מיט קיין אורטייל [ווי למשל, ווען די געריכטס-געשווארענע קענען ניט איינשטימען].

mist'-rick *n.* (מיסט'-ריק) א געדיכטער נעבעל [טומאן].

mistrust' *v. and n.* (מיס-טראסט') מיסטרויען, ניט האבען קיין צוטרוי, ניט גלויבען; פערדעכטיגען; צווייפלען; דאס ניט האבען קיין צוטרוי; פערדאכט; צווייפעל.

mistrus'ter *n.* (מיס-טראס'-טער) איינער וואס האט ניט קיין צוטרוי, גלויבט ניט, צווייפעלט אדער פערדעכטיגט.

mistrust'ful *a.* (מיס-טראסט'-פול) מיסטרויאיש, פערדעכטיג, צווייפלענד.

mistrust'fully *adv.* (מיס-טראסט'-פול-אי) אהן צוטרויען, מיט צווייפעל, מיט פערדאכט.

mistrust'fulness *n.* (מיס-טראסט'-פול-נעס) מיסטרויאונג, פערדעכטיגונג, צווייפלונג.

mistrust'less *a.* (מיס-טראסט'-לעס) ניט פערדעכטיגענד קיין זאך.

mistune' *v.* (מיס-טיון') ניט ריכטיג אנשטעלען דעם טאן.

mis'tus *n.* (מיס'-טאס) א פלאנצע וואס איז א פראדוקט פון קרייצונג [צוזאמענמישונג פון פערשיעדענע מינים].

mistu'tor *v.* (מיס-טיו'-טאר) פאלש אונטעררוכטען, שלעכט לערנען.

mis'ty *a.* (מיס'-טי) פערטונקעלט, טונקעל, נעבעלדיג, טומאנע; ניט קלאר.
The misty weather delayed the arrival of the steamer.

misunderstand' *v.* (מיס-אנ-דער-סטענד') מיספערשטעהן, שלעכט פערשטעהן.

misunderstan'ding *n.* (מיס-אנ-דער-סטענ'-דינג) דאס שלעכט-פערשטעהן; א טעות אין פשט; א מיספערשטענדניס, אונאייניגקייט, שטרייטיגקייט.

misunderstood' (מיס-אנ-דער-סטוד') מיספערשטאנען, שלעכט פערשטאנען. ז. *misunderstand*

misu'sage *n.* (מיס-יו'-זעדזש) שלעכטער געברויך; אונפאסיגער געברויך [פון

ווערטער]; מיסברויך; שלעכטע בעהאנדלונג.

misuse' *v.* (מיס-יוז) מאכען א שלעכטען געברויך; מיסברויכען; שלעכט בעהאנדלען.

misuse' *n.* (מיס-יוס) ז. *misusage*.

misu'ser *n.* (מיס-יו'-זער) א מיסברויכער.

misval'ue *v.* (מיס-וועל'-יו) אונטערשעצען; ניט ריכטיג אבשאצען.

misven'ture *n.* (מיס-ווענ'-טשור) א שלים=מזל'דיגע אדער ניט=געלונגענע אונטערנעהמונג; א דורכפאל.

misven'turous *a.* (מיס-ווענ'-טשור-אס) וואס האט ניט קיין מוטה, וואס וואגט ניט; פייג, שרעקעדיג.

misvouch' *v.* (מיס-וואוטש') פאלש אנגעבען עפעס, פאלש עדות זאגען.

miswan'der *v.* (מיס-וואנ'-דער) וואנדערען, בלאנדזשען, פערקריכען.

miswed' *v.* (מיס-וועד') הייראטען א ניט פאסענדע פערזאן.

mis-word' *n.* (מיס-וואירד') א ניט ריכטיג ווארט; א קללה.

miswork' *v.* (מיס-וואירק') טהאן שלעכט, טהאן שלעכט אן ארבייט.

miswor'ship *n. and v.* (מיס-וואיר'-שיפ) פאלשע פערגעטערונג; פערגעטערען א זאך וואס דארף ניט פערגעטערט ווערען.

miswor'shiper *n.* (מיס-וואיר'-שיפ-ער) איינער וואס פערגעטערט פאלש [אויף אן אונפאסענדען שטייגער אדער א זאך וואס דארף ניט פערגעטערט ווערען].

miswor'shipper *n.* (מיס-וואיר'-שיפ-ער) ז. *misworshiper*.

miswrite' *v.* (מיס-ראיט') מאכען א גרייז אין שרייבען; ניט ריכטיג שרייבען.

miswrought' *a.* (מיס-ראהט') שלעכט געמאכט. ז. *miswork*.

mis'y *n.* (מיס'-אי) מיסי אדער געלב=אייזען=ערץ [אזא מינעראל].

misyoke' *v.* (מיס-יאוק') ניט ריכטיג צוזאמענבינדען אדער צונויפפאסען.

miszeal'ous *a.* (מיס-זעל'-אס) פאלש אייפריג, מיט פאלש אנגעווענדעטער אייפריגקייט.

mit *n.* (מיט) א האלב=הענטשקע [אהן פינגער אדער מיט האלבע פינגער].

mi'ta *n.* (מי'-טא) געצוואונגענע ארבייט פון די אינדיאנער אין פערו [אין די אמאליגע צייטען. א זיבענט=חלק פון דער מענער=בעפעלקערונג האט געמוזט ארבייטען א יאהר צייט פאר די שפאנישע עראבערער אין מינען, אויף די פעלדער און אין די פאבריקען. זיי האבען פאר זייער ארבייט געקראגען בעצאהלט].

mite *n.* (מאיט) א מילב; א קליינע מטבע; א גארנישט, א קלייניגקייט.

mi'ted *a.* (מאי'-טעד) קאליע געווארען [ווייל עס איז ניט גוט איינגעזאלצען, ווי קאנזערווירטע פיש].

mi'ter *n. and v.* (מאי'-טער) א מיטרא, א קאפ=הויב פון א הויכען גייסטליכען [ווי פארצייטען פון כהן גדול און איצטער פון א בישאף אדער פאפסט]; אן אויווען=זאסלינקע אדער דעקעל, אן אויווען קאלפאק; אין סטאלעריי — א שרעג=מאס, א ווינקעל=מאס; א צוויקעל, א קלין [אין נענעה]; א צוזאמענזעצונג אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; דערהויבען צו א הויכער שטעלע פון א גייסטליכען, בעעהרען מיט א מיטרא [הויפטזעכליך ווענען א בישאף]; אין סטאלעריי — פעראייניגען אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; מאכען א צוויקעל אדער קלין [אין נענעה].

Miters

mi'ter-box *n.* (מאי'-טער-באקס) א שרעג=מאס, א ווינקעל=מאס [אין סטאלעריי — אן אינסטרומענט צו מעסטען 45=גראדיגע ווינקלען ביים שניידען].



Miter-box

mi'ter-drain *n.* (מאי'-טער-דריין) א רינווע אין מיטען פון אן אייזענבאהן=וועג צום אבציהען דאס וואסער אין די זייטען=רינוועס.

mi'tering-machine' *n.* (מאי'-טער-אינג-מע-שין') א מאשין צו זעגען און שניידען האלץ אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; אין דרוקערייען — א מעכאניזם צו בשניידען דעם ברעג פון א בלייענער שריפט=שורה שיעף אדער שרעג.

mi'ter-jack *n.* (מאי'-טער-דזשעק) אזא שרעג=מאס. ז. *miter-box*.

mi'ter-joint *n.* (מאי'-טער-דזשאינט) אין סטאלעריי — א פערבינדונג אונטער א ווינקעל פון 45 גראד.



AA. Miter-joint

mi'ter-sill *n.* (מאי'-טער-סיל) א פערשפאר=שוועל [צו וועלכער עס לאזט זיך ארונטער די טהיר פון א שלוזע אבצוהאלטען דאס וואסער].

mi'ter-square *n.* (מאי'-טער-סקהווער) א ווינקעל=לינעאל צו מאכען 45=גראדיגע ווינקלען.

mi'ter-wheel *n.* (מאי'-טער-הוויעל) דאס ווינקעל=ראד אדער דיאגאנאל=ראד [א ראד מיט קאנישע צייהנער, וועלכע קומען זיך צונויף מיט די קאנישע צייהנער פון א צווייטען ראד אונטער א ווינקעל פון 45 גראד].

Mith'ra *n.* (מיטה'-רא) מיטהרא, דער גאט פון ליכט ביי די פארצייטיגע פערזיער און הינדוסען.

Mith'raism *n.* (מיטה'-רע-איזם) דאס דיענען צו מיטהרא [ביי די פארצייטיגע פערזיער — דער גאט פון ליכט].

Mith'ras *n.* (מיטה'-רעס) ז. *Mithra*.

mith'ridate *n.* (מיטה'-רי-דייט) א מין געגענגיפט.

mit'igable *a.* (מיט'-אי-געבל) מילדערונגס=פעהיג, וואס מען קען מילדערען, וואס קען געשטילט אדער פערלייכטערט ווערען; וואס קען פערמינדערט ווערען.

mit'igant *a.* (מיט'-אי-גענט) לינדערענד, מילדערענד, שטילענד, פערלייכטערענד.

mit'igate *v.* (מיט'-אי-גייט) מילדערען, פערלייכטערען; שטילען, מעסיגען, פערמינדערען.

It is impossible to mitigate the horrors of war.

mit'igatedly *adv.* (מיט'-אי-גיי-טעד-לי) אין א לייכטען אדער מילדען גראד.

mitiga'tion *n.* (מיט-אי-גיי'-שאן) מילדערונג, לינדערונג, פערלייכטערונג, שטילונג.

mit'igative *a.* (מיט'-אי-גיי-טיוו) ז. *mitigant*.

mit'igator *n.* (מיט'-אי-גיי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס מילדערט, פערלייכטערט, שטילט אדער בערוהיגט.

mit'igatory *a.* (מיט'-אי-גיי-טא-רי) ז. *mitigant*.

mitraille' *n.* (מי-טרייל') קליינע שטיקלעך אייזען, קליינע קוילען און עהנליכע זאכען, מיט וועלכע מען שיסט פון א קאנאנע; א קארטעטש=אנלאדונג, א שראט=שאס [פון א הארמאט].

mitrailleur' *n.* (מי-טרע-ליער') אן אנלאדער פון א קארטעטשען=מאשין אדער שרויטען=שאס=הארמאט. ז. *mitraille*.

mitrailleuse' *n.* (מי-טרע-ליעז') א מיטראליעזע, א קארטעטשען=הארמאט אדער שראט=מאשין וואס שיסט אויס פיעל קוילען נאכאנאנד. ז. *mitraille*.

mi'tral *a.* (מאי'-טרעל) וואס איז עהנליך אדער איז שייך צו א מיטרא [א בישאף'ס הוט]; וואס בעשטעהט פון צוויי קלאפאנעס [אין אנאטאמיע]; וואס איז שייך צום דעקעל ביי דער לינקער עפנונג פון הארץ.

mi'tral valve (מאי'-טרעל וועלוו) דאס הוט=פערמיגע דעקעל ביי דער לינקער עפנונג פון הארץ.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

mi'tre *n. and v.* (מאי'-טער) ז. *miter*

mi'triform *a.* (מאי'-טרי-פארם) אין באטאניק — עהנליך צו א מיטרא אדער בישאף'ס הוט [קאניש, אויסגעהוילט און אפען פון אונטען — ווענען פרוכטען].

Mitri-form Capsule

mitt *n.* (מיט) ז. *mit*

mit'ten *n. and v.* (מיטען) א פויסט=הענטשקע, א הענטשקע מיט איין פינגער; א האלב=הענטשקע [אהן פינגער אדער מיט האלבע פינגער]; אנטהאן הענטשקעס אדער האלב=הענטשקעס [פויסט=הענטשקעס]; צוריקווייזען א הייראטס=פארשלאג.

mit'timus *n.* (מיט'-אי-מאס) א געריכטס=בעפעהל צו א געפענגניס=אויפזעהער אריינצונעהמען אן ארעסטירטען; א פערהאפטונגס=בעפעהל; א בעפעהל איבערצוגעבען א קלאגע פון איין געריכט צו א צווייטען; ענטלאסונג, דאס אבזאגען [פון אן אמט אדער שטעלע].

mi'ty *a.* (מאי'-טי) מילביג, פול מיט מילבען.

mix *v. and n.* (מיקס) מישען, פערמישען; זיך מישען, זיך צוזאמענמישען, זיך פעראייניגען; א געמישעכץ, א מישמאש; א פעהלער.

mix'able *a.* (מיק'-סעבל) וואס לאזט זיך פערמישען אדער צונויפמישען.

mixed *a.* (מיקסט) ‎.1 געמישט; .2 צו־טומעלט.
1. We had a mixed feeling of pleasure and grief.

mixed cho'rus (מיקסט קאו'–ראס) א געמישטער כאר [פון מענער־שטימען און פרויען־שטימען].

mixed laws (מיקסט לאָהז) געמישטע געזעצע אי ווענען אייגענטומס־זאכען, אי ווענען רעכטע און פליכטען פון פערזאנען.

mix'edly *adv.* (מיק'–סעד–לי) אויף א געמישטען שטייגער.

mixed mar'riage (מיקסט מער'–אידזש) א געמישטע הייראט [פון מענשען פון פערשיעדענע גלויבענס].

mixed met'aphor (מיקסט מעט'–ע–פאר) א געמישטע מעטאפארע [א מליצה־אויסדרוק, אין וועלכען עס פלאנטערען זיך צוזאמען עטליכע מליצות]. ז. *metaphor*

mixed num'ber (מיקסט נאמ'–בער) א געמישטע צאהל [א גאנצע צאהל צו־זאמען מיט א ברוך־צאהל, ווי 3¾].

mixed per'son (מיקסט פויר'–סאן) איינער וואס האט א דאפעלטע אדער פיעלפאכע יוריסדיקציאן אדער הער־שאפטס־אויטאריטעט [ווי למשל, א קעניג וואס ווערט בעטראכט אויף אלס דער הויפט פון דער קירך].

mixed train (מיקסט טריין) א געמיש־טער באהן־צוג [פון פאסאזשיר־וואגאנען און פראכט־וואגאנען אדער פון וואגאנען וואס זיינען בעשטימט פאר פערשיעדענע קלאסען מענשען].

mixed voy'age (מיקסט וואי'–עדזש) א יאגד־רייזע פון פישער אי אויף ים־הינד אי אויף וואלפיש.

mix'er *n.* (מיק'–סער) איינער וואס מישט צוזאַמען; א מאשין וואס מישט צו־נויף פערשיעדענע שטאפען.

mix'ible *a.* (מיק'–סיבל) ז. *mixable*

mix'ing *n.* (מיק'–סינג) צוזאמענמישונג; א געמישעכץ.

mix'ing-machine' *n.* (מיק'–סינג–מע–שין') א מאשין אדער פאררי‌כטונג צו־נויפצומישען פערשיעדענע זאכען; א קוי־פערנער צילינדער, אין וועלכען מען מישט צונויף די נויטיגע שטאפען ביים מאכען פולווער.

mixobarbar'ic *a.* (מיק–סאו–באר–בער'–איק) ניט אין גאנצען בארבאריש, עט־וואס ציוויליזירט.

mixog'amy *n.* (מיק–סאג'–ע–מי) א מיקסאגאמיע, א פערזאמלונג פון פיש אין דער צייט פון ארויסווארפען די רויגען [איקרע], ווען "ער'ען" זיינען פאראן מעהר ווי "זי'ען" און ארום איין "זי" געפינען זיך עטליכע "ער'ען".

mixtilin'eal *a.* (מיקס–טי–לינ'–אי–על) וואס בעשטעהט פון געמישטע ליניעס [קרומע, גלייכע, געבויגענע].

mixtilin'ear *a.* (מיקס–טי–לינ'–אי–אר) ז. *mixtilineal*

mix'tion *n.* (מיקס'–טשאן) א געמיש גע־ברויכט צום בעפעסטיגען בלאט־גאלד צו האלץ אדער צו בילדער.

mix'ture *n.* (מיקס'–טשור) א מישונג, א געמיש; א צומישונג, א ביימישונג; א מיקסטור [א צוזאמענמישונג פון פערשיע־דענע מעדיצינען].

mix'tus *n.* (מיקס'–טאס) ז. *mistus*

mix up (מיקס אפ) צוטומ־לען; צוטומלען; ברייגנען אין א פערלע־גענהייט; ארײנפּלאָנטערען, פערמישען, ארײנשלעפּען [אין אן אונטערנעהמונג, פערשווערונג א. ז. וו.].

miz'en *n.* (מיזן) ז. *mizzen*

miz'maze *n.* (מיז'–מייז) א לאבירינט, א פערווירונג, א צומישונג.

miz'zen *n.* (מיזן) דער בעזאן־זעגעל [א הינטערשטער שיף־זעגעל].

miz'zenmast *n.* (מיז'נ–מעסט) דער מאסט וועלכער האלט די זעגלען פון דעם הינטערטייל פון א שיף.

miz'zle *n. and v.* (מיזל) א שפריי־רעגען, א שטויב־רעגען; רעגענען מיט גאנץ קליי־נינקע טראפענס; זיך אונטערגעבען; ווע־רען שכור'לעך; נעלם ווערען, מאכען פליטה; פערפלאנטערען זיך, צוטומעלט ווערען.

miz'zling *n.* (מיז'–לינג) א שפריי־רעגען, א שטויב־רעגען; א דיקער נעבעל [טו־מאן].

miz'zly *a.* (מיז'–לי) נעבעלדיג, טומאנע.

miz'zy *n.* (מיז'–אי) א זומפ.

MM. אבקירצונג פון *Messieurs* [הערען].

Mme. אבקירצונג פון *Madame*

mnemon'ic *a. and n.* (ני–מאנ'–איק) מנעמאניש, וואס העלפט דעם זכרון, וואס איז שייך צום זכרון; מנעמאניק [די קונסט פון פערבעסערען אדער ענטוויקלען דעם זכרון; א סיסטעם פון כללים, ווי צו געדענקען פערשיעדענע זאכען].

mnemon'ical *a.* (ני–מאנ'–אי–קעל) מנעמאניש, וואס העלפט דעם זכרון, וואס איז שייך צום זכרון.

mnemoni'cian *n.* (ני–מא–ניש'–ען) א לעהרער פון מנעמאניק. ז. *mnemonics*

mnemon'ics *n.* (ני–מאנ'–איקס) מנעמא־ניק, די געדעכנים־קונסט, די קונסט צו פערשטארקען אדער צו ענטוויקלען דעם זכרון, א סיסטעם פון כללים, ווי צו גע־דענקען פערשיעדענע זאכען.

mne'monist *n.* (ני'–מא–ניסט) א קע־נער אין מנעמאניק. ז. *mnemonics*

Mo. אבקירצונג פון *Missouri* [איי־נער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

mo'a *n.* (מאו'–א) אזא זעהר גרויסער פויגעל עהנליך צו א שטרוים, נאר פיעל גרעסער פון איהם, וואס האט זיך ביז ניט לאנג צוריק געפונען אין ניי־זעעלאנד.

Mo'abite *n. and a.* (מאו'–עב–איט) איינער וואס קומט ארוים פון מואב [דער זוהן פון לוט]; וועלכער שטאמט אב פון מואב.

Mo'abitess *n.* (מאו'–ע–באי–טעס) א פרויענצימער וואס שטאמט אב פון מואב.

Moabit'ic *a.* (מאו–ע–ביט'–איק) וואס איז שייך צו מואב, וואס שטאמט אב פון מואב.

Mo'abitish *a.* (מאו'–ע–באי–טיש) ז. *Moabitic*

moan *v., n. and a.* (מאון) קרעכצען, זיפצען; קלאגען, יאמערען; א קרעכץ, א זיפץ; א וועה־קלאג; ווי א קרעכץ, ווי א זיפץ.

moat *n. and v.* (מאוט) א גראבען ארום א פעסטונג; ארומרינגלען מיט גראבענס.

moa'ted *a.* (מאו'–טעד) ארומגערינגלט מיט א גראבען.

mob *n. and v.* (מאב) א פעבעל; א געזעמעל פון המון; א סקאנדאליעזע מא־סע; א סטאדע בהמות; אנגרייפען, אנ־פאלען פון פעבעל [המון]; א ווייבער־שער טשיפיק אדער נאכט־הויב; בעדע־קען מיט א טשיפיק.

mob'bish *a.* (מאב'–איש) פעבעלהאפט, גראב, געמיין, נידריג.

mob'-cap *n.* (מאב'–קעפ) א נאכט־הויב, א נאכט־טשיפיק.

mo'bile *a. and n.* (מאו'–ביל) בעוועג־ליך, אונבעשטענדיג; עטוואס וואס איז בעוועגליך; א בעוועגער.

mobilisa'tion *n.* (מאו–ביל–אי–זיי'–שאן) ז. *mobilization*

mo'bilise *v.* (מאו'–ביל–איז) ז. *mobilize*

mobil'ity *n.* (מא–ביל'–אי–טי) בעוועג־ליכקייט; אונבעשטענדיגקייט.

mobil'ity *n.* (מאב–איל'–אי–טי) דאס פראסטע פאלק, דער המון, דער פעבעל.

mobiliza'tion *n.* (מאו–ביל–אי–זיי'–שאן) מאביליזאציאן, די פארבערייטונג אדער פערפערטיגונג פון אן ארמעע צום קריעג.

mo'bilize *v.* (מאו'–ביל–איז) מאביליזי־רען, פארבערייטען אדער פערפערטיגען אן ארמעע צום קריעג; זעצען אין בעוועגונג, מאכען גרייט צו בעוועגונג.

mob'-law *n.* (מאב'–לאה) פעבעל־יוסטיץ [גוואלטטהאטען פון המון].

moboc'racy *n.* (מאב–אק'–רע–סי) פע־בעל־הערשאפט; דער המון, דער פעבעל.

mob'ocrat *n.* (מאב'–א–קרעט) א פיהרער פון פעבעל, א דעמאגאג.

mobocrat'ic *a.* (מאב–א–קרעט'–איק) וואס איז שייך צו פעבעל־הערשאפט.

mobs'man *n.* (מאבז'–מען) אן אויס־געפוצטער גנב אדער שווינדלער; אן עלעגאנטער קעשענע־גנב.

moc'casin *n.* (מאק'–ע–סין) אזא שוך פון איין שטיק ווייכען לעדער אהן א שטייפער זויל [פאדעש־ווע] וואס די אינדיאנער אין אמעריקא טרא־גען; אזא גיפטיגע שלאנג.

Moccasin

moc'casined *a.* (מאק'–ע–סינד) וואס טראגט אן אינדיאנער שוך. ז. *moccasin*

moc'cassin *n.* (מאק'–ע–סין) ז. *moccasin*

mo'cha *n.* (מאו'–קא) מאקא־קאפע [א געוויסער גוטער זארט קאפע, וואס וואקסט בעזאנדערס אין יעמען, אראביען, און ווערט עקספארטירט פון דעם האפען מא־קא]; אזא אביסינישעס געוויכט [אונגע־פעהר איין אמעריקאנער אונץ].

mock *v., n. and a.* (מאק) שפאטען, פערשפאטען, אביעקען, מאכען חוזק; אב־נארען; נאכמאכען; איבערמישען; שפאט, געשפעט, לצנות, חוזק; שפאטיש, אויף־צו־פלייסען, פאלש, ניט עכט.

mock'able *a.* (מאק'–עבל) לעכערליך, שפאטיש, וואס איז אויסגעזעצט צו שפאט.

mock auc'tion (מאק אהק'–שאן) א שווינדלערישע אויקציאן.

mock'-bird *n.* (מאק'–בוירד) ז. *mocking-bird*

mock col'or (מאק קאל'–אר) א פארב וואס בלאקירט אב.

mock'er *n.* (מאק'–ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער, א לץ; א רמאי, אן אב־נארער.

mock'ery *n.* (מאק'–ער–אי) שפאט, גע־שפעט, לצנות, חוזק; א פאלשעס אויסזעהן; דאס וואס ענטוישט.

mock'-hero'ic *a.* (מאק'-הי-ראו'-איק) כלומר'שט העלדיש.

mock'ing-bird *n.* (מאק'-אינג-בוירד) דער שפאט-פויגעל [א מין אמעריקאַ-נער זינג-פויגעל וועלכער האט די אייגענשאפט נאָכ-צומאכען יעדע שטי-מע און יעדען קלאַנג].

Mocking-bird

mock'ingly *adv.* (מאק'-אינג-לי) אבלאכענדיג, אב-שפאטענדיג, חוזק מאכענדיג.

mocud'dum *n.* (מא-קאד'-אם) אין אסט-אינדיען — דער עלטסטער [פון א דארף, פון א קהלה].

mo'dal *a.* (מאו'-דעל) וואס געהערט צו דער פארם, וואס געהערט צו דער ארט און ווייזע; וואס איז שייך צום מאדוס פון א צייטוואָרט [ז. *mode*].

mo'dalism *n.* (מאו'-דעל-איזם) די לעהרע אין דער קריסטליכער רעליגיאָן, אז גאט — דער פאטער, גאט — דער זוהן און גאט — דער הייליגער גייסט זיינען נור פערשידענע פארמען פון איי-נעם און דעמזעלבען געטליכען וועזען.

modal'ity *n.* (מא-דעל'-אי-טי) אין לאָגיק — מאָדאַליטעט, די אייגענשאפט פון לאָגישע זעצע, וועלכע בעצייכענט זייער מעגליכקייט, זייער ווירקליכקייט אדער זייער נויטווענדיגקייט לויט דעם, אויף וויפיעל עס איז מעגליך, ווירקליך אדער נויטווענדיג דאס, וואס ווערט אין זיי בע-הויפטעט; די ארט און ווייזע; בעשרענקט-קייט, דאס זיין פערבונדען מיט א בע-דינגונג [וועגען א פערשפרעכען].

mode *n.* (מאוד) די ארט און ווייזע, שטייגער, אופן; פארם; די מעטאָדע; א מאָ-דע; מאדוס פון א צייטוואָרט [די פארם פון א צייטוואָרט וועלכע דריקט אויס די ווירקליכקייט, די מעגליכקייט אדער די ווינשענסווערטקייט פון א טהאט]; א צו-פעליגע אייגענשאפט; אין לאָגיק — די פארם פון א זאץ אין בעצוג צו מעגליכ-קייט און נויטווענדיגקייט; א זא סילאָגיזם [לאָגישע שלוס-פאלגערונג] וואס העננט אב פון דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון די זעצע פון וועלכע ער איז צונויפ-געשטעלט; אין מוזיק — די טאָנארט, די צונויפשטעלונג פון טענער אין אן אקטא-ווע אין געוויסע אינטערוואַלען.

mod'el *n., a. and v.* (מאד'-על) א מאָ-דעל, א מוסטער, א פארבילד; א פערזאָן וואס דיענט אלס מוסטער פאר א מאָלער אדער סקולפטאר צו מאכען א בילד אדער סטאַטוע; וואס דיענט אלס א מאָדעל אדער מוסטער; מאכען עטוואס נאך א מאָדעל אדער מוסטער; מאָדעלירען, פארמירען; אבבילדען; מאכען א מאָדעל אדער מוס-טער.

mod'el doll (מאד'-על דאל) א מאָדעל פיגור [א וואקסענע אדער הילצערנע פי-גור פון א מענשען צו מעסטען קליידער].

mod'eler *n.* (מאד'-על-ער) א מאָדעלי-רער, איינער וואס מאכט מאָדעלען אדער פיגורען.

mod'el farm (מאד'-על פארם) א מוס-טער פערמע [א פערמע וואו די לאנד-ווירטשאפט ווערט געפיהרט דורך מאָדער-נע איינריכטונגען און מעטאָדען].

mod'eling *n.* (מאד'-על-אינג) דאס מאָ-כען מאָדעלען; דאס מאָדעלירען.

mod'eling-clay *n.* (מאד'-על-אינג-קליי) מאָדעליר-ליים [א ווייכער, פיינער ליים וואס ווערט בענוצט פון קינסטלער צו מאָדעלירען פיגורען].

mod'eling-stand *n.* (מאד'-על-אינג-סטענד) א מאָדעליר-טיש [א טיש וואו עס ליעגט דאס ליים פון וועלכען דער סקולפ-טאר מאָדעלירט א פיגור].

mod'eling-tools *n.* (מאד'-על-אינג-טוהלז) מאָדעליר-געצייג [די געצייג פון א סקולפטאר מיט וועלכע ער מאָדעלירט פיגורען פון ליים אדער אנדערע מאַטע-ריאַלען].

mod'eller *n.* (מאד'-על-ער) ז. *modeler*.

mod'elling *n.* (מאד'-על-אינג) ז. *modeling*.

mod'erate *a., v. and n.* (מאד'-ע-רייט) מעסיג, מיטעל, מיטעלמעסיג; נישׁ־קשה־דיג, צימליך; ביליג [וועגען פרייזען]; בעשיידען; געלאַסען; לינד; מעסיגען, מילדערען; איינשרענקען; פערקלענערען, פערגרינגערען; ווירקען אלס א פארזיצע-דער ביי א ויכוח אדער דיספוט; ווערען מילדער, שטילער אדער רוהיגער; איינער וואס איז מעסיג אדער געלאַסען; א געג-נער פון עקסטרעמע מיינונגען אדער אנ-זיכטען [בעזאנדערס אין פאָליטיק און רעליגיאָן].

mod'erately *adv.* (מאד'-ע-רייט-לי) אויף א מעסיגען אופן; מעסיג, מיטעל-מעסיג.

mod'erateness *n.* (מאד'-ע-רייט-נעס) מעסיגקייט, מיטעלקייט, מיטעלמעסיגקייט; לינדקייט.

modera'tion *n.* (מאד-ע-ריי'-שאן) מע-סיגונג, מילדערונג, מעסיגקייט; לאַנגזאַמ-קייט [אין ריידען, דענקען אדער האַנד-לען]; דאס ווירקען אלס פארזיצענדער ביי א ויכוח אדער דיספוט.

modera'tions *n.* (מאד-ע-ריי'-שאנז) דער ערשטער עפענטליכער עקזאַמען אין אָקספאָרד אוניווערזיטעט אין ענגלאנד וואס די סטודענטען דארפען האַלטען אום צו בעקומען אן אַקאַדעמישען טיטול.

mod'eratism *n.* (מאד'-ע-ריי-טיזם) מעסיגקייט.

mod'eratist *n.* (מאד'-ע-ריי-טיסט) א מעסיגער.

modera'to *adv.* (מאד-ע-רא'-טא) אין מוזיק — אין א מעסיגער טעמפאָ, מעסיג.

mod'erator *n.* (מאד'-ע-ריי-טאר) א מעסיגער, איינער אדער עטוואס וואס מע-סיגט, מילדערט אדער רעגולירט; א פאר-זיצענדער פון א פערזאַמלונג וואס רעגו-לירט א ויכוח אדער דיספוט.

mod'eratorship *n.* (מאד'-ע-ריי-טאר-שיפ) דאס אמט פון א פארזיצענדען [ביי א ויכוח אדער דיספוט].

mod'eratress *n.* (מאד'-ע-ריי-טרעס) ז. *moderatrix*.

mod'eratrix *n.* (מאד'-ע-ריי-טריקס) א פארזיצערין, א פרויענצימער וואס פיהרט די גרענדע.

mod'ern *a. and n.* (מאד'-ערן) מאָדערן, ניי, היינטיג, היינט-וועלטיג, ניי-מאָדיש; א מאָדערניסט, א מאָדערנער מענש [איי-נער וואס האלט פון די אידעען און אנ-זיכטען פון דער נייער צייט].

mod'erner *n.* (מאד'-ער-נער) א מאָ-דערנער, א היינט-וועלטיגער מענש; א מאָדערניסט. ז. *modernist*.

Mod'ern He'brew (מאד'-ערן הי'-ברוה) מאָדערנע העברעאיש [די העברעאי-שע שפּראַך אין דער פארם ווי זי ווערט איצט געברויכט מיט דער ביימישונג פון תלמוד'ישע, אראַמייאישע און אנדערע ווערטער].

mod'ern his'tory (מאד'-ערן היס'-טא-רי) מאָדערנע געשיכטע [די היסטאָריע, וועלכע הויבט זיך אן נאך דעם אבשלוס פון דער מיטעלאלטערליכער צייט ביז היינט].

mod'ernise *v.* (מאד'-ער-נאיז) ז. *modernize*.

mod'ernism *n.* (מאד'-ער-ניזם) מאָדער-נעקייט, ניי-מאָדישקייט; מאָדערניזם [די נייע ריכטונג אין קונסט און ליטעראַטור, בעזאנדערס די דעקאַדענץ-ריכטונג].

Mod'ernism *n.* (מאד'-ער-ניזם) מאָ-דערניזם, די נייע ריכטונג אין דער קאַ-טוילישער קירך, וועלכע דריקט זיך אויס אין ערקלערען די ביבעל און די רעליגי-אָנס-דאָגמען אין איינקלאַנג מיט דער מאָ-דערנער וויסענשאפט.

mod'ernist *n.* (מאד'-ער-ניסט) א מאָ-דערניסט, אן אנהענגער פון דער נייער ריכטונג אין דער ליטעראַטור און קונסט [בעזאנדערס פון דער דעקאַדענטישער ריכ-טונג]; אן אנהענגער פון אונטערריכטען אין די שוהלען די מאָדערנע שפּראַכען אנשטאט די קלאַסישע.

moder'nity *n.* (מא-דויר'-ני-טי) מאָ-דערנעקייט.

moderniza'tion *n.* (מאד-ער-ני-זיי'-שאן) מאָדערניזירונג, דאס מאכען מאָדערן; דאס מאכען ניי-מאָדיש.

mod'ernize *v.* (מאד'-ער-נאיז) מאָדער-ניזירען, מאכען מאָדערן; מאכען ניי-מאָ-דיש; ווערען מאָדערן.

mod'ernizer *n.* (מאד'-ער-נאי-זער) איינער וואס מאָדערניזירט.

Mod'ern Lat'in (מאד'-ערן לעט'-אין) מאָדערנע לאַטיין [די לאַטיינישע שפּראַך ווי זי ווערט היינט געברויכט].

mod'ernness *n.* (מאד'-ערן-נעס) מאָ-דערנעקייט, היינט-וועלטיגקייט.

Mod'ern Wood'men (מאד'-ערן הוואוד'-מען) א געוויסער ברידערליכער אָרדען אין אמעריקא.

mod'est *a.* (מאד'-עסט) בעשיידען; צניעות'דיג; מעסיג; אנשטענדיג.

mod'estly *adv.* (מאד'-עסט-לי) אויף א בעשיידענעם אופן; צניעות'דיג.

mod'esty *n.* (מאד'-עס-טי) בעשיידענ-הייט; מעסיגקייט; אנשטענדיגקייט; צניעות, עניוות.

mod'icum *n.* (מאד'-אי-קאם) א ביסעל; א קליינע זאך; א קליין מענשעלע.

modifiabil'ity *n.* (מאד-אי-פאי-ע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט מאָדיפיצירט אדער אומגעענדערט צו ווערען.

mod'ifiable *a.* (מאד'-אי-פאי-עבל) וואס קען מאָדיפיצירט אדער געענדערט ווערען.

mod'ifiableness *n.* (מאד'-אי-פאי-עבל-נעס) ז. *modifiability*.

modifica'tion *n.* (מאד-אי-פי-קיי'-שאן) מאָדיפיקאַציאָן, ענדערונג, אומענדערונג.

mod'ificative *a. and n.* (מאד'-אי-פי-קיי-טיוו) וואס מאָדיפיצירט, וואס ענ-דערט; עטוואס וואס מאָדיפיצירט.

mod'ificator *n.* (מאד'-אי-פי-קיי-טאר) איינער וואס מאָדיפיצירט אדער ענדערט.

mod'ificatory *a.* (מאד'-אי-פי-קיי-טא-רי) וואס מאָדיפיצירט אדער ענדערט.

mod'ified milk (מאד'-אי-פאיד מילק) מאדיפיצירטע מילך [מילך וואס איז צוגעגרייט געווארען מיט וואסער, צוקער א. ד. ג. ווי מען מאכט עס פאר קינדער].

mod'ifier *n.* (מאד'-אי-פאי-ער) א מאדיפיצירער, אן ענדערער.

mod'ify *v.* (מאד'-אי-פאי) מאדיפיצירען, ענדערען.

modil'lion *n.* (מאדיל'-יאן) א מאדיליאן אדער שפארענקאפ [אזא געזימס פון א זייל].

Modillion

mo'dish *a.* (מאו'-דיש) מאדיש, וואס איז לויט דער מאדע.
She wore a very modish dress.

mo'dishly *adv.* (מאו'-דיש-לי) נאך דער מאדע.

mo'dishness *n.* (מאו'-דיש-נעס) מאדישקייט, דאס זיין מאדיש; דאס האלטען זיך אן מאדעס.

mo'dist *n.* (מאו'-דיסט) אן אנהענגער פון דער מאדע.

modiste' *n.* (מאו-דיסט') א מאדיסטקע, א שניידערין, א הוט-מאכערין; א פרוי וואס האנדעלט מיט מאדע-ארטיקלען [אין קליידער און היט].

mo'dius *n.* (מאו'-די-אס) א מאדיום [אזא מעסטעל פאר טרוקענע זאכען אמאל אין רוים, וואס האט געהאלטען ביי צוויי גאלאן]; אזא הויב אדער היטעל אויף פארצייטיגע פיגורען פון די רוימיש-גריכישע געטער [עהנליך צו א מאדיום].

mod'ulant *n.* (מאדזש'-יו-לענט) עטוואס וואס מאדולירט אדער בייט אום דעם טאן.

mod'ular *a.* (מאדזש'-יו-לאר) וואס איז איז שייך צו מאדולאציאן [טאן-בייטונג, ענדערונג פון דער שטימע]; אין ארכיטעקטור — וואס איז שייך צו א מאדול, געמאסטען דורך א מאדול [איינהייטס-מאס צו בעשטימען די פראפארציאן פון א זייל אדער געביידע]; וואס איז שייך צו א מאדול אין מאטעמאטיק און פיזיק. ז. *modulus*.

mod'ulate *v.* (מאדזש'-יו-לייט) מאדולירען [ענדערען, בייטען דעם טאן אדער די שטימע]; ענדערען, צופאסען; מאכען פערשיעדען [הויפטזעכליך אין קלאנגען]; מאכען פראפארציאנעל.

modula'tion *n.* (מאדזש-יו-ליי'-שאן) מאדולאציאן [ענדערונג, בייטונג פון טאן אדער שטימע]; א מעלאדיע, א נגון; ענדערונג, צופאסונג; אין ארכיטעקטור — די פראפארציאן.

mod'ulator *n.* (מאדזש'-יו-ליי-טאר) איינער וואס מאדולירט [בייט, ענדערט די שטימע; איינער וואס ענדערט, פאסט צו אדער מאכט פראפארציאנעל.

mod'ulatory *a.* (מאדזש'-יו-ליי-טא-רי) וואס מאדולירט, וואס בייט דעם טאן אדער די שטימע, וואס פאסט צו פראפארציאנעל.

mod'ule *n.* (מאד'-יול) א מאדול [אין ארכיטעקטור — אן איינהייטס-מאס צו בעשטימען די פראפארציאנען פון א זייל אדער געביידע].

mod'ulus *n.* (מאד'-יו-לאס) דער מאדול, א ווירקליכע פאזיטיווע צאהל אדער קוואנטיטעט, א נומערישע אדער פיזיקאלישע, וועלכע דריקט אויס די מאס פון א פונקציאן, פון אן איינגנשאפט אדער קראפט, בעזאנדערס אונטער איינהייטליכע בעדינ-
גונגען [ווי צום ביישפיעל דער מאדול פון שטארקייט, בויגזאמקייט אדער עלאסטיציטעט פון אייזען אדער פון שטאהל]; א נארמע, א נארמאל-מאס.

mo'dus *n.* (מאו'-דאס) מאדוס, מעטאדע, אופן, ארט און ווייזע; דאס צאהלען געלד אנשטאט מעשר פון פראדוקטען; א ספעציעלע פערפליכטונג אדער בעדינגונג ביים איבערגעבען אייגענטום בירושה.

mo'dus operan'di (מאו'-דאס אפ-ע-רענ'-דאי) דער פלאן, דער אופן, די ארט און ווייזע ווי עפעס צו טהאן.

mo'dus viven'di (מאו'-דאס ווי-וועג'-דאי) לעבענס-ארט, דער אופן ווי צו לעבען; א צייטווייליגער אבמאך אום אויסצוגלייכען א סכסוך.

mod'wall *n.* (מאד'-הוואהל) דער ביענען-פרעסער [אזא פויגעל]. ז. *bee-eater*.

mœrol'ogy *n.* (מיע-ראל'-א-דזשי) די קונסט אדער די בעשעפטיגונג פון א פראפעסיאנעלען בעקלאגער פון טויטע.

Mogul' *n.* and *a.* (מא-גאל') א מאנגאל, איינער פון די מאנגאלען וואס האבען איינגענומען אסט-אינדיען אין 16טען יאהרהונדערט; א מאגול, א הערשער, א גרויסע פערזענליכקייט; דער בעסטער זארט פון שפיעל-קארטען; וואס איז שייך צו די מאגולס אדער צו דער מאנגאלישער מלוכה אין אסט-אינדיען.

Mogun'tine *a.* (מא-גאנ'-טין) וואס איז שייך צו דער שטאדט מאינץ [אין דייטשלאנד].

mo'ha *n.* (מאו'-הא) איטאליענישער הירזש.

mo'hair *n.* and *a.* (מאו'-העהר) מאהער, די וואל פון אן אנגארא-ציעג [א מין ציעג פון קליין-אזיען מיט א זייד-דינער וואל]; צייג אדער טוך פון דיעזער וואל; מאהער-טוך; געמאכט פון מאהער.

Moham'medan *a.* and *n.* (מא-העמ'-ע-דען) וואס איז שייך צו מאכמעד, דעם גרינדער פון דער מאכמעדאנישער אדער מוסולמאנישער רעליגיאן [געב. אין יאהר 570, געשטארבען אין יאהר 632]; וואס איז שייך צו דער רעליגיעזער און סאציאלער סיסטעם געגרינדעט פון מאכמעד; א מאכמעדאנער אדער מוסולמאנער; א נאכפאלגער פון מאכמעד און זיינע לעהרען.

Moham'medan cal'endar (מא-העמ'-ע-דען קעל'-ענ-דאר) דער מאכמעדאנישער קאלענדאר [דער לבנה-לוח וואס ווערט בענוצט כמעט פון אלע מאכמעדאנישע פעלקער. דאס געוועהנליכע יאהר ענטהאלט 354 טעג און אן עבור-יאהר — 355 טעג. די מאכמעדאנישע צייטרעכנונג פאנגט זיך אן פון יאהר 622 פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

Moham'medan e'ra (מא-העמ'-ע-דען אי'-רא) די מאכמעדאנישע ערא, די מאכמעדאנישע צייטרעכנונג, וועלכע פאנגט זיך אן פון דעם 16טען יולי פון יאהר 622, לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג [פון דעם טאג, ווען מאכמעד איז אנטלאפען פון מעקא].

Moham'medanism *n.* (מא-העמ'-ע-דענ-איזם) איסלאמיזם [די מאכמעדאנישע אדער מוסולמאנישע רעליגיאן און עטהיק].

Moham'medanize *v.* (מא-העמ'-ע-דענ-איז) מאכמעדאניזירען, בעקעהרען צום איסלאם אדער צום מוסולמאנישען גלויבען.

Moham'medism *n.* (מא-העמ'-ע-דיזם) ז. *Mohammedanism*.

Moham'medize *v.* (מא-העמ'-ע-דאיז) ז. *Mohammedanize*.

Mohar'ram *n.* (מא-הער'-עם) ז. *Muharram*.

Mo'hawk *n.* (מאו'-האהק) איינער פון די מאהאווקען [א נארד-אמעריקאנישער אינדיאנער שבט]; א באנדיט, א רויבער; איינער פון א באנדע גאסען-רויבער אין די אמאליגע צייטען אין לאנדאן.

Mohe'gan *a.* and *n.* (מא-הי'-גען) ז. *Mohican*.

Mohi'can *a.* and *n.* (מא-הי'-קען) וואס איז שייך צו די מאהיקאנער [א נארד-אמעריקאנישער אינדיאנער שבט]; איינער פון די מאהיקאנער.

mohr *n.* (מאור) א מין אפריקאנישע אנטילאפע, וועלכע ווערט פיעל געזוכט פון די אראבער צוליעב איהר בעזאאר-שטיין [ז. *bezoar*] וואס דיענט אלס רפואה אין די אריענטאלישע לענדער.

mo'hur *n.* (מאו'-הויר) א גאלדענע ענגלישע מטבע אין אסט-אינדיען [בעטרעפט אן ערך זיבען דאלאר].

moi'dore *n.* (מאי'-דאור) אן אלטע פארטוגעזישע גאלדענע מטבע [בעטרעפט אן ערך זעקס דאלאר און א האלב].

moi'ety *n.* (מאי'-ע-טי) די העלפט; איינער פון צוויי גלייכע טיילען; א טייל; א חלק.

moil *v.* and *n.* (מאיל) פערשמיערען, פערשמוצען, מאכען בלאטיג; אויסמאטערען; מאכען מיעד; זיך איינשמיערען אין בלאטע; זיך מאטערען, ארבייטען שווער; הארעווען; דאס איינשמיערען; דאס ווערען שמוציג; הארעוואניע; מאטערניש; אין גלאז-פאבריקאציאן — א מעטאלישער אקסיד אדער זויערשטאף-פערבינדונג וואס ווערט צוגעגעבען צום גלאז ווען עס פלאצט הארט נעבען בלאזרעהר; א מין האק וואס ווערט געברויכט פון בערג-ארבייטער אין געוויסע שאכטען אדער מינען.

moil'er *n.* (מאיל'-ער) איינער וואס ארבייט; איינער וואס ארבייט שווער.

moi'neau *n.* (מאי'-נאו) א קליינער באסטיאן [אזא בעפעסטיגטער פלאץ].

moire' *n.* and *v.* (מואר) א מארע [א מין גלאנציגע געפאזערטע זייד]; א וועלען-פערמיגער אבגלאנץ אויף מעטאל אדער טוך; צוגעבען א וועלען-פערמיגען גלאנץ צו עפעס.

moist *a.* and *n.* (מאיסט) פייכט, פייכטקייט.

mois'ten *v.* (מאיסן) פייכט מאכען; פייכט ווערען.

mois'tener *n.* (מאיס'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פייכט.

mois'ten one's clay (מאיסן הוואנז קליי) כאפען א טרונק, מאכען א כוסה.

moist'-eyed *a.* (מאיסט'-איד) וואס האט אויגען אנגעפילט מיט פייכטקייט אדער מיט טרעהרען.

moist'ful *a.* (מאיסט'-פול) פול מיט פייכטקייט; פייכט.

mois'tify *v.* (מאיס'-טי-פאי) בעפייכטען, מאכען פייכט; בענעצען.

moist'less *a.* (מאיסט'-לעס) אהן פייכטקייט; טרוקען.

moist'ness *n.* (מאיסט'-נעס) פייכטקייט, דאס זיין פייכט.

mois'ture *n.* (מאיס'-טשור) פייכטקייט.

mois'tureless *a.* (מאיס'-טשור-לעס) אהן פייכטקייט; טרוקען.

moke *n.* (מאוק) אן עזעל; א שוטה; א נענער; אויף דער טעאטער-שפראך — איינער וואס שפיעלט אויף עטליכע אינ-סטרומענטען.

mo'la *n.* (מאו'-לא) פאלשע שוואנגער-שאפט [אן אנוואוקס אין דער געבעהר-מו-טער, וואס ברייננט ארויס סימפטאמען פון שוואנגערשאפט].

Mo'la *n.* (מאו'-לא) דער מין זון-פיש. ז. *sunfish*.

mo'lar *a. and n.* (מאו'-לאר) וואס צו-רייבט אדער צומאהלט [הויפטזעכליך וועגען באק-צייהנער]; וואס איז שייך צו באק-צייהנער; וואס איז שייך צו א מא-סע, מאסיוו, אין א מאסע; וואס איז שייך צו פאלשער שוואנגערשאפט [אן אנוואוקס אין דער געבעהר-מוטער, וואס רופט ארויס סימפטאמען פון שוואנגערשאפט]; א באק-צאהן.

molar'iform *a.* (מא-לער'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו א באק-צאהן.

mo'lary *a.* (מאו'-לע-רי) וואס איז צו-געפאסט צום צורייבען אדער צומאהלען שפייז [ווי צייהן].

molas'ses *n.* (מא-לעס'-עז) צוקער-סיראפ.

mold *n. and v.* (מאולד) א פורם; א שאבלאן; א מאדעל; עטוואס וואס איז געמאכט אין א פורם; א פארם; א גע-זימס, א פערציערונגס-לייסט, א קארניז; ווייכע, דינע ערד; דער הויפט-בעשטאנד פון עטוואס; מאטעריאל; די ערד; שי-מעל, שימעל-שוואמלעך; א פלעק; א ראסט-פלעק; בעדעקען מיט ווייכער דינער ערד; ווערען בעוואקסען מיט שימעל, ווע-רען פערשימעלט; פערארזאכען, אז עס זאל בעוואקסען ווערען מיט שימעל; מא-כען א פלעק, ווי פון ראסט; פארמירען, מאדעלירען; גיסען אין א פורם.

moldabil'ity *n.* (מאול-דע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פארמירט ווערען; דאס האבען די אייגענשאפט געמאכט צו ווע-רען אין א פורם.

mold'able *a.* (מאולד'-עבל) וואס קען געפארמט ווערען.

Molda'vian *a. and n.* (מאל-דיי'-ווי-ען) וואס איז שייך צו מאלדאוויען [א פראווינץ אין רומעניען]; א מאלדאווע-נער.

mold'-board *n.* (מאולד'-באורד) דאס שטרייך-ברעט פון אן אקער-אייזען [די געבויגענע פלאטע, וועלכע ווארפט ארי-בער די אויסגעאקערטע ערד פון אן אויפ-געאקערטען שריגט]; אין מעטאל-גיסעריי-ען — דאס ברעט, אויף וועלכען עס ווערט געשטעלט דער מאדעל מיט וועלכען מען מאכט דעם פורם.

mold'-can'dle *n.* (מאולד'-קענ'דל) א פורם-ליכט [א ליכט וואס ווערט גע-מאכט אין א פורם, אין געגענזאץ צו גע-צויגענע ליכט].

mol'der *n. and v.* (מאול'-דער) א פאר-מער [אן ארבייטער וואס מאכט און גיסט פורמס אין א מעטאל-גיסעריי]; פערוואנדעלט ווערען אין שטויב, פאנאנ-דערפאלען אין שטיקלעך, צוברעקעלט ווע-רען; פערוואנדלען אין שטויב, צוברעק-לען.

mold'-fa'cing *n.* (מאולד'-פיי'-סינג) א דינער פולווער מיט וועלכען עס ווערט בעדעקט די אינוועניגסטע זייט פון פורם צו גיסען מעטאל כדי דאס גוס-שטיק זאל ארויסקומען גלאט.

mol'diness *n.* (מאול'-די-נעס) פער-שימעלטקייט.

mol'ding *n.* (מאול'-דינג) דאס פאר-מירען; דאס מאדעלירען; דאס גיסען אדער פארמירען אין א פורם; א גוס-שטיק, עטוואס וואס איז אבגעגאסען אדער געמאכט אין א פורם; א געזימס, א פער-ציערונגס-לייסט, א ראנד-לייסט, א קאר-ניז; דאס בעדעקען מיט ווייכער דינער ערד.

mol'ding-flask *n.* (מאול'-דינג-פלעסק) אזא פאררינכטונג ביי דענטיסטען, אין וועל-כער מען האלט אין בעזונדערע אבטיילונ-גען דעם פלאסטער-מאדעל און דעם קוי-טשוק ביים צוגרייטען די צייהנער [ז. איל.]; א פארם-ראהם [צום גיסען מע-טאל].


Molding-flask

mol'ding-mill *n.* (מאול'-דינג-מיל) א האלץ-זעג-מיהל.

mol'ding-plane *n.* (מאול'-דינג-פליין) א געזימס-הובעל, א קארניז-הובעל.

mol'ding-plow *n.* (מאול'-דינג-פלאו) אן אקער-אייזען מיט צוויי שטרייך-ברע-טער צו ווארפען די אויפגעאקערטע ערד פון ביידע זייטען פון אויפגעאקערטען שריגט.

mol'ding-sand *n.* (מאול'-דינג-סענד) פארם-זאמד [די געמישטע ערד פון וועל-כער עס ווערען געמאכט די פורמס אין מעטאל-גיסערייען].

mol'ding-saw *n.* (מאול'-דינג-סאה) א געזימס-זעג, א קארניז-זעג [אזא רונ-דע זעג אויסצוזעגען געזימסען אדער קארניזען].

mol'ding-ta'ble *n.* (מאול'-דינג-טייבל) א מאדעליר-טיש [דער טיש, אויף וועל-כען א טעפער מאדעלירט כלים].

mold'-tur'ner *n.* (מאולד'-טויר'-נער) איינער וואס מאכט מעטאלענע מאדעלען אדער פורעמס.

mol'dy *a.* (מאול'-די) פערשימעלט; פערפוילט.

mole *n. and v.* (מאול) א קער-פער-פלעק; א געבוירענער פלעק אדער צייכען אויף'ן קערפער; א האפען-דאמבע [א שטיינערנע וואנד אין א האפען צו בעשיצען איהם פון די כוואליעס]; אן אלט-רוימישע מצבה אויף א קבר אין דער פארם פון א טורעם; אזא געוויקס אין דער געבעהר-מוטער; גראב מעהל געמישט מיט זאלץ וואס פלעגט אין די אלטע צייי-טען געבראכט ווערען אלס קרבן; א מויל-ווארף, א קראט; גראבען לעכער ווי א קראט.

Mole

mole'-cast *n.* (מאול'-קעסט) ז. *mole-hill*.

mole'-catch'er *n.* (מאול'-קעטש'-ער) א מוילווארף-פאנגער, א קראט-כאפער.

mole'-crick'et *n.* (מאול'-קריק'-עט) די מוילווארף-גריל.

Mole-cricket

molec'ular *a.* (מא-לעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו מאלע-קולען, וואס בעשטעהט פון מאלעקולען. ז. *molecule*.

molecular'ity *n.* (מא-לעק-יו-לער'-אי-טי) מאלעקולאריטעט, דאס זיין צוזאמענ-געשטעלט פון מאלע-קולען אדער פון גאנץ קליינינקע טיילכע-לעך. ז. *molecule*.

molec'ularly *adv.* (מא-לעק'-יו-לער-לי) אין בעצוג צו מאלע-קולען. ז. *molecule*.

mol'ecule *n.* (מאל'-ע-קיול) א מאלע-קול, דער קלענסטער טייל פון א שטאף, וואס קען עקזיסטירען בעזונדער און בע-האלטען די כעמישע אייגענטימליכקייטען פון דעם שטאף פון וועלכער ער איז א טייל [א מאלעקול בעשטעהט געוועהנליך פון צוויי אדער מעהרערער אטאמען, צ. ב. א מאלעקול וואסער בעשטעהט פון צוויי אטאמען וואסער-שטאף און איין אטאם זויערשטאף]; א קליין טיילכעלע; דער קיים-פונקט אין א געלכעל פון אן איי [דער פונקט אין אן איי פון וועלכען דער עמבריא פאנגט זיך אן צו ענטוויק-לען]; דער בלוטס-טראפען.

mole'-eyed *a.* (מאול'-איד) וואס האט זעהר קליינע אויגען [ווי א קראט], בלינדליך; קורצזיכטיג [וואס בעטראכט זאכען ניט מיט קיין ברייטען קוק].

mole'-hill *n.* (מאול'-היל) א מוילווארף-בערגעל [א קליין בערגעל ערד וואס ווערט אויפגעשאטעט דורך די גראבונגען פון א קראט].

mole'-hole *n.* (מאול'-האול) א מויל-ווארף-לאך [א לאך אין דער ערד, וואס ווערט אויסגעגראבען פון א קראט].

mole'-rat *n.* (מאול'-רעט) די בלינד-מויז [אזא גרויסע מויז עהנליך צו א קראט].

mole'skin *n.* (מאול'-סקין) די פעל פון א קראט [מוילווארף]; אזא געוואנד עהנליך צו דער פעל פון א קראט.

molest' *v.* (מא-לעסט') בעלעסטיגען, בעאונרוהיגען, מאכען פערדרוס.

molesta'tion *n.* (מאל-עס-טיי'-שאן) בעלעסטיגונג, בעאונרוהיגונג.

moles'ter *n.* (מא-לעס'-טער) א בעלעס-טיגער, א בעאונרוהיגער.

molest'ful *a.* (מא-לעסט'-פול) לעסטיג, בעשווערליך.

mole'-track *n.* (מאול'-טרעק) דער אונ-טעראירדישער וועג וואס ווערט אויסגע-גראבען פון א קראט [מוילווארף].

mole'warp *n.* (מאול'-הוואהרפ) א מויל-ווארף, א קראט.

Mo'linism *n.* (מאו'-לי-ניזם) מאליניזם, די לעהרע פון דעם שפאנישען יעזואיט לואי מאלינא [1535—1600], אז גאטעס גנאדע קען קומען צו יעדען מענשען נור אין דער מאס, אויף וויפיעל ער שטרעבט עס מקבל צו זיין מיט זיין פרייען ווילען; די מיסטישע לעהרע פון מיגועל-דע-מאלי-נאס, וועלכע האבען אין 17טען יאהרהונ-

דערט זיך פערשפרייט אונטער דעם נאמען "קוויעטיזם". ז. *quietism*.

Mo'linist *n.* (מאו'-לי-ניסט) א מאליניסט, אן אנהענגער פון מאליניזם. ז. *Molinism*.

moll *n.* (מאל) אין מוזיק — מאל. ז. *minor*.

mol'la *n.* (מאל'-א) ז. *mollah*.

mol'lah *n.* (מאל'-א) א מאכמעדאנישער רעליגיעזער טיטול; א מאכמעדאנישער אויבער=ריכטער.

moll'coddle *n.* (מאל'-קאדל) ז. *mollycoddle*.

mol'lient *a.* (מאל'-אי-ענט) וואס מאכט ווייך; מילדערענד.

mol'liently *adv.* (מאל'-אי-ענט-לי) ווייך=מאכענדיג; מילדערענדיג.

mol'lifiable *a.* (מאל'-אי-פאי-עבל) וואס קען ווייך געמאכט ווע'ן; וואס קען געמילדערט אדער געלינדערט ווערען.

mollifica'tion *n.* (מאל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס ווייך מאכען; דאס מילדערען, דאס לינדערען.

mol'lifier *n.* (מאל'-אי-פאי-ער) א ווייךמאכער; אן ערווייכונגס=מיטעל; א לינדערער, א מילדערער.

mol'lify *v.* (מאל'-אי-פאי) ווייך מאכען; מילדערען, לינדערען; בעזענפטיגען, בערוהיגען.

mol'linet *n.* (מאל'-אי-נעט) א מיהלכעל; א קליינע מיהל.

mollipi'lose *a.* (מאל-אי-פאי'-לאוס) וואס האט ווייכע האר אדער פעדערען.

mol'litude *n.* (מאל'-אי-טיוד) ווייכליכקייט; דאס צערטלען און פוצען זיך ווי א פרויענצימער.

mol'lusc *n.* (מאל'-אסק) ז. *mollusk*.

Mollus'ca *n.* (מא-לאס'-קא) די מאלוסקען אדער ווייך=טהיערע [די מייסטע פון דעם מין געפינען זיך אין מושלען].

mollus'can *a.* and *n.* (מא-לאס'-קען) ווייך=קערפערדיג [ווי א מאלוסקעל]; וואס איז שייך צו די מאלוסקען אדער ווייך=טהיערע; א מאלוסקעל.

mollus'coid *a.* and *n.* (מא-לאס'-קאיד) עהנליך צו א מאלוסקעל אדער ווייך=טהיער; א מאלוסקעל.

molluscoi'dal *a.* (מאל-אס-קאי'-דעל) עהנליך צו א מאלוסקעל.

molluscoi'dan *a.* and *n.* (מאל-אס-קאי'-דען) ז. *molluscoid*.

Molluscoi'dea *n.* (מאל-אס-קאי'-די-א) א געוויסע אבטיילונג פון דעם מין מאלוסקען [ווייך=טהיערע].

mollus'cous *a.* (מא-לאס'-קאס) ווייך=קערפערדיג [ווי א מאלוסקעל].

mol'lusk *n.* (מאל'-אסק) א מאלוסקעל, א ווייך=טהיער.

mol'ly *n.* (מאל'-אי) אין אינדיען — א גערטנער, איינער פון דער גערטנער=קאסטע.

mol'lycoddle *n.* (מאל'-אי-קאדל) א פערווייבערטער מאנסביל [א מאן אהן ענערגיע, אהן דרייסטקייט].

Mol'ly Maguire' (מאל'-אי מע-גהוואיר') א מיטגליעד פון א געוויסער פערברעכערישער געזעלשאפט אין אירלאנד; א מיטגליעד פון א געהיימער פערברעכערישער ארגאניזאציאן וואס האט אמאל עקזיסטירט אין דעם קויהלען=גרובען בעצירק פון דעם שטאאט פענסילווייניא, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

Mo'loch *n.* (מאו'-לאק) דער גאט מולך [דער אבגאט פון די פעניציאנער אדער בני=עמון פאר וועלכען מען פלעגט ברייגען מענשליכע קרבנות דורך פערברענען זיי אין פייער]; אזא מין עקדישען [יאשטשערקעס] אין אויסטראליען מיט הערנער אויף'ן קאפ און שטאכלען אויף'ן רוקען.

Molokan' *n.* (מאל-א-קאן') א מאלאקאן, איינער פון א רוסישער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע אנערקענט ניט די הויפט=פאדערונגען פון דער רוסישער פראוואסלאווגער אדער עוואנגעלישער קירך [ווי איקאנעס, דעם הייליגען אבענדמאל א. ז. וו.] און האלט, אז די איינציגע גאטעסדיענסט דארף בעשטעהן אין לעזען פסאלמען און הימנען.

molt *v.* and *n.* (מאולט) אראבווארפען די פעדערען, די הויט אדער די האר [פון זיך]; אויספאלען, אויסקריכען [ווי האר אדער פעדערען]; דאס אראבווארפען די הויט, די הערנער אדער די נעגעל, דאס אויספאלען אדער אויסקריכען פון די פעדערען אדער האר [ווי דאס איז דער פאל ביי די מייסטע חיות און פויגלען איין מאל אדער צוויי מאל יעהרליך].

mol'ten *a.* (מאול'טן) געשמאלצען; געגאסען.

mol'tenly *adv.* (מאול'טנ-לי) אזוי ווי אין געשמאלצענעם צושטאנד.

mol'ting *n.* (מאול'-טינג) דאס אראבווארפען די הויט, די הערנער אדער די נעגעל, דאס אויפאלען אדער אויסקריכען פון די פעדערען אדער האר [ווי דאס איז דער פאל ביי די מייסטע חיות און פויגלען איין מאל אדער צוויי מאל יעהרליך].

mo'ly *n.* (מאו'-לי) דאס צויבער=גראז [אזא פלאנצע מיט ווייסע בלומען און א שווארצען ווארצעל אויף וועלכער מען גלויבט, אז זי האט א צויבער=קראפט]; ווילדער קנאבעל.

molyb'date *n.* (מא-ליב'-דייט) מאליבדען=זויער זאלץ [אזא זאלץ וואס ווערט ערהאלטען דורך א כעמישער פערבינדונג פון דעם מעטאל מאליבדענום].

molybde'na *n.* (מאל-איב-די'-נא) ז. *molybdenum*.

molybde'nite *n.* (מאל-איב-די'-נאיט) מאליבדען=סולפיט אדער מאליבדען=גלאנץ [אזא מינעראל פון א בליי=גרויען קאליר מיט א מעטאל=גלאנץ. ער איז זעהר ווייך און איז עהנליך צו גראפיט].

molybde'nous *a.* (מא-ליב-די'-נאס) וואס איז שייך אדער וואס ווערט ערהאלטען פון דעם מעטאל מאליבדענום.

molybde'num *n.* (מא-ליב-די'-נאם) מאליבדענום [א כעמישער גרונד=עלעמענט, אזא הארטער זילבער=ווייסער מעטאל וואס שמעלצט זיך זעהר שווער אפילו ביי א גאנץ הויכער טעמפעראטור].

molyb'dic *a.* (מא-ליב'-דיק) ז. *molybdenous*.

molybdo'sis *n.* (מאל-איב-דאו'-סיס) בליי=פערגיפטונג.

mome *n.* (מאום) א דומקאפ, א באלוואן, א גולם.

mo'ment *n.* (מאו'-מענט) א מאמענט, אן אויגענבליק, א רגע; די איצטיגע צייט; וויכטיגקייט, בעדייטונג; א וויכטיגער עלעמענט; דער אימפעט [די קראפט פון בייקומען א ווידערשטאנד דורך דעם שוואונג פון דער בעוועגונג]; אין מעכאניק — דאס מאמענט, דער עפעקט, די מאס פון א קראפט אין איהר ווירקזאמקייט ארויסצורופען בעוועגונג [בעזאנדערס א קרייז=בעוועגונג]; אין פילאזאפיע — עטוואס וואס פעראורזאכט, דער פרינציפ פון א בעוועגונג אדער פון אן ענטוויקלונג.

momen'tal *a.* (מא-מענ'-טעל) מאמענטאל, וואס געדויערט איין אויגענבליק; אין מעכאניק — וואס איז שייך צו א מאמענט. ז. *moment*.

mo'mentarily *adv.* (מאו'-מענ-טע-רי-לי) אין א מאמענט, אין איין אויגענבליק; יעדען אויגענבליק; פון מאמענט צו מאמענט.

The doctor is expected **momentarily**.

mo'mentariness *n.* (מאו'-מענ-טע-רי-נעס) אויגענבליקליכקייט.

mo'mentary *a.* (מאו'-מענ-טע-רי) אויגענבליקליך; וואס דויערט נור א מאמענט; וואס פאסירט יעדען מאמענט.

mo'mently *adv.* (מאו'-מענט-לי) יעדען אויגענבליק, אלע רגע.

mo'ment of a cou'ple (מאו'-מענט אוו ע קאפל) אין מעכאניק — דער פראדוקט וואס בעקומט זיך פון כפל'ען די קראפט מיט דער לענג פון דעם העבעלארעם.

mo'ment of a force (מאו'-מענט אוו ע פאורס) אין מעכאניק — דאס קראפט=מאמענט [אין בעצוג צו א פונקט איז דאס קראפט=מאמענט גלייך דעם פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט מיט איהר אבשטאנד פון דעם פונקט (ד. ה. מיט דער ווייטסטער דיסטאנץ, ביז וועלכער עס דערגרייכט די ווירקונג פון דער קראפט, וואס געהט ארויס פון דעם אנגעגעבענעם פונקט); אין בעצוג צו א ליניע איז דאס קראפט=מאמענט גלייך דעם פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט=קאמפאנענטע, וועלכע איז פערפענדיקולאר צו דער פלעכע וואס געהט דורך די ליניע, מיט דעם אבשטאנד פון דיעזער קאמפאנענטע פון דיעזער ליניע].

mo'ment of a mag'net (מאו'-מענט אוו ע מעג'-נעט) דאס מאגנעטישע מאמענט [דער פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט פון די מאגנעטישע פאלען פון א מאגנעט מיט דעם אבשטאנד צווישען זיי].

mo'ment of iner'tia (מאו'-מענט אוו אינ-אויר'-שיא) אין מעכאניק — דאס אינערציע=מאמענט [ביי א זיך דרעהענדען קערפער — די סומע פון די פראדוקטען, וועלכע ווערען געבילדעט דורך כפל'ען יעדעס טיילכעל פון דער מאסע פון קערפער מיט דעם קוואדראט פון זיין אבשטאנד פון דעם דרעהונגס=אקס].

momen'tous *a.* (מא-מענ'-טאס) זעהר וויכטיג, וואס האט א גרויסע בעדייטונג.

momen'tously *adv.* (מא-מענ'-טאס-לי) פון גרויסער וויכטיגקייט.

momen'tousness *n.* (מא-מענ'-טאס-נעס) גרויסע וויכטיגקייט.

momen'tum *n.* (מא-מענ'-טאם) אין מעכאניק — דאס מאמענט [דער פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די מאסע פון א זיך בעוועגענדען קערפער אויף זיין געשווינדיגקייט; די בעוועגונגס=קראפט]; דער אימפעט; דער קראפט=אימפעט.

mon'achal *a.* (מאנ'-ע-קעל) מאנאכיש; ווי א מאנאך אדער נאנע.

mon'achism *n.* (מאנ'-ע-קיזם) דאס מאנאכען=לעבען, דאס מאנאסטיר=לעבען.

mon'ad *n.* and *a.* (מאנ'-עד) א מאנאדע, אן איינהייטליכער אונטיילבארער סובסטאנץ; אין פילאזאפיע — איינער

פון די ניט מאטעריעלע אטאמען, פון וועלכע, לויט לייבניצעס טעאריע, די וועלט האט זיך אויסגעבילדעט; דער איינהייטליכער אונטיילבארער גייסט אין דער נאטור; דער איינהייטליכער אונמיטעלבארער גייסט פון מענשען [די נשמה]; אין ביאלאגיע — א פראטאזאע, אן איינפאכער איין־צעליגער ארגאניזם; אין זאאלאגיע — אן אינפוזאריע, אן איין־צעליגע בעשעפעניש; אין כעמיע — אן עלעמענט וועמענס אטאמען האבען די קלענסטע וואלענץ [ז. *valence*], וועלכע ווערט דעריבער גענומען אלס איינהייט; אן עלעמענט אדער אטאם וואס זיין כעמישע פערבינדונגס־קראפט איז גלייך איינס; וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון מאנאדען; וואס האט א כעמישע פערבינדונגס־קראפט וואס איז גלייך איינס.

mon'adelph *n.* (מאנ׳-ע-דעלף) א פלאנצע וואס איהרע שטויב־פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

Monadel'phia *n.* (מאנ-ע-דעל׳-פי-א) דער מין פלאנצען וואס זייערע שטויב־פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

monadel'phian *a.* (מאנ-ע-דעל׳-פי-ען) ז. *monadelphous*

monadel'phous *a.* (מאנ-ע-דעל׳-פאס) אין באטאניק — וואס די שטויב־פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

monad'ic *a.* (מא-נעד׳-איק) ווי א מאנאדע; וואס בעשטעהט פון מאנאדען; אין כעמיע — וואס האט די פערבינדונגס־קראפט וואס איז גלייך איינס. ז. *monad*

monad'ical *a.* (מא-נעד׳-אי-קעל) ז. *monadic*

monad'ically *adv.* (מא-נעד׳-אי-קעל-אי) אזוי ווי א מאנאדע אדער ווי אן איינהייט.

mon'adism *n.* (מאנ׳-עד-איזם) מאנאדיזם, די טעאריע וועגען מאנאדען. ז. *monad*

monadol'ogy *n.* (מאנ-ע-דאל׳-א-דזשי) מאנאדאלאגיע [אין דער פילאזאפישער סיסטעם פון לייבניץ — די לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער וועלט פון מאנאדען, ד. ה. פון ניט מאטעריעלע אטאמען].

monan'der *n.* (מא-נענ׳-דער) א פלאנצע וואס האט נור איין שטויב־פאדים.

monan'drous *a.* (מא-נענ׳-דראס) האבענדיג איין מאן, לעבענדיג מיט איין מאן; אין באטאניק — וואס האט נור איין שטויב־פאדים.

mon'arch *n.* (מאנ׳-ארק) א מאנארך; א קיסר, א הערשער, א זעלבסטהערשער.

monar'chal *a.* (מא-נאר׳-קעל) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש.

monar'chial *a.* (מא-נאר׳-קי-על) ז. *monarchical*

monar'chic *a.* (מא-נאר׳-קיק) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש.

monar'chical *a.* (מא-נאר׳-קי-קעל) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש; וואס איז אן אנהענגער פון א מאנארכיע אדער אונבעשרענקטער זעלבסטהערשאפט.

monar'chically *adv.* (מא-נאר׳-קי-קעל-אי) ווי א מאנארכיע, לויט די פרינציפען פון זעלבסטהערשאפט אדער אונבעשרענקטער קייזערליכער מאכט.

mon'archise *v.* (מאנ׳-אר-קאיז) ז. *monarchize*

mon'archism *n.* (מאנ׳-אר-קיזם) מאנארכיזם, דער פרינציפ פון אליין־הערשאפט; אנהעננגערשאפט צו א מאנארכיסטישער רעגיערונגס־פארם אדער זעלבסטהערשאפט.

mon'archist *n.* (מאנ׳-אר-קיסט) א מאנארכיסט, אן אנהענגער פון א מאנארכיסטישער רעגיערונגס־פארם אדער פון זעלבסטהערשאפט.

mon'archize *v.* (מאנ׳-אר-קאיז) הערשען אונבעשרענקט, זיין א זעלבסטהערשער אדער מאנארך; איינפיהרען א מאנארכיסטישע רעגיערונגס־פארם, פערוואנדלען אין א מאנארכיע.

mon'archy *n.* (מאנ׳-אר-קי) א מאנארכיע, א קעניגרייך; זעלבסטהערשאפט, מאנארכיסטישע רעגיערונגס־פארם.

monaste'rial *a.* (מאנ-עס-טי׳-רי-על) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר.

monaste'rially *adv.* (מאנ-עס-טי׳-רי-על-אי) ווי א מאנאך, אבגעזונדערט; ווי אין א מאנאסטיר.

mon'astery *n.* (מאנ׳-עס-טע-רי) א קלויסטער, א מאנאסטיר.

monas'tic *a.* *and* *n.* (מא-נעס׳-טיק) קלויסטערליך, מאנאסטיריש; א קלויסטער־פרוש, א מאנאך.

monas'tical *a.* (מא-נעס׳-טי-קעל) קלויסטערליך, מאנאסטיריש; ווי א מאנאך.

monas'tically *adv.* (מא-נעס׳-טי-קעל-אי) ז. *monasterially*

monas'ticism *n.* (מא-נעס׳-טי-סיזם) דאס קלויסטער־לעבען, דאס מאנאסטיר־לעבען; דאס פיהרען אן אבגעזונדערט לעבען ווי א מאנאך.

monas'tic vows (מא-נעס׳-טיק וואוז) די מאנאסטיר־נדרים אדער פערפפליכטונגען וואס מאנאכען נעהמען אויף זיך [ארימקייט, צוריקהאלטונג פון געשלעכטליכען פערקעהר און געהארכזאמקייט].

monaul' *n.* (מא-נאהל׳) א פאזאן [אזא פויגעל].

Mon'day *n.* (מאנ׳-דיי) מאנטאג.

Mon'dayish *a.* (מאנ׳-דיי-איש) מאנטאגדיג; מיעד, אויסגעמאטערט [וועגען גלחים וואס האבען זיך אויסגעמאטערט אום זונטאג]; מאנטאגדיג געשטימט, שלעכט געשטימט [צוליעב דער פארשטעהענדער וואכעדיגקייט נאך זונטאג].

monde *n.* (מאנד) די וועלט; דער קוגעל, וועלכען א קייזער אדער הערשער האלט אין האנד אלס סמן פון קעניגטום.

mon'etarily *adv.* (מאנ׳-ע-טע-רי-לי) אין בעצוג צו געלד־אנגעלעגענהייטען; פון א פינאנציעלען שטאנדפונקט, פינאנציעל.

mon'etary *a.* (מאנ׳-ע-טע-רי) וואס איז שייך צו געלד, וואס בעשטעהט פון געלד; פינאנציעל.

mon'etary chain (מאנ׳-ע-טע-רי טשיין) א קייט פון פערשיעדענע שטיקלעך טייערע מעטאלען וואס פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס געלד.

mov'ing side'walk (מוהוו'-אינג סאיד'-וואהק) א בעוועגליכער טראטואר, א טראטואר אדער שטעג וואס בעוועגט זיך מעכאניש.

mow *v. and n.* (מאו) שניידען, קאסען [היי]; שניידען [קארן]; א נאכקרימעניש, א העויה; נאכקרימען, מאכען העויות.

mow *v. and n.* (מאו) זאמלען אין קופעס; א קופע [היי].

mow'burn *v.* (מאו'-בוירן) ווערען דורכגעחיצט, זיך ענטצינדען [וועגען פייכטען היי וואס איז צונויפגעשארט אין א קופע].

mow'er *n.* (מאו'-ער) א היי=שניידער; א מאשין צו קאסען אדער שניידען היי; איינער וועלכער קרימט נאך אדער מאכט גרימאסען.

Mower

mow'ing *n.* (מאו'-אינג) דאס קאסען, דאס שניידען [היי]; דאס פערקרימען זיך; דאס מאכען גרימאסען.

mow'ing *n.* (מאו'-אינג) דאס צונויפשארען היי אין א קופע.

mow'ing-machine' *n.* (מאו'-אינג-מע-שין') א מאשין צו קאסען אדער שניידען היי.

mow'ing-time *n.* (מאו'-אינג-טאים) די צייט פון היי=שניט.

mox'a *n.* (מאק'-סא) מאקסא [אזא פוך אדער וואטע וואס ווערט געמאכט אין כינא און יאפאן פון געוויסע פלאנצען=בלעטער. ווערט געברויכט צום אויסברענען וואונדען]; די מאקסא=פלאנצע; אין מעדיצין — א ברען=צילינדער [אזא צילינדער וואס ווערט געמאכט פון מאקסא אדער אן אנדערער עהנליכער פלאנצע און ווערט געברויכט אויסצוברענען וואונדען].

moxibus'tion *n.* (מאק-סי-באס'-טשאן) דאס אויסברענען א וואונד מיט מאקסא. ז. *moxa*.

M. P. ראשי תבות פון די ווערטער *Member of Parliament* [א פארלאמענט=מיטגליעד].

Mr. אן אבקירצונג פון *Mister* אדער *Master*

M-roof *n.* (עמ'-רוהף) א דאך וואס האט די פארם פון דעם בוכשטאב *M*.



M-roof

Mrs. אן אבקירצונג פון *mistress* אדער *missis*

Mrs. Grun'dy (מיס'-אים גראנ'-די) די געזעלשאפטליכע מיינונג [איבערהויפט די יעניגע וואס זוכט קליינליכע פעהלערען אין דער אויפפיהרונג].

MS. אן אבקירצונג פון *manuscript*

MSS. אן אבקירצונג פון *manuscripts*

Mt. אן אבקירצונג פון *mount* [א בארג].

much *a., adv., n. and v.* (מאטש) פיעל; אין א הויכען גראד; זעהר; כמעט; א סך, א גרויסע מאסע; א וויכטיגע זאך; מאכען פיעל, פערמעהרען.

much about' (מאטש ע-באוט') כמעט דאסזעלבע.

much about' it (מאטש ע-באוט' איט) כמעט, אונגעפעהר.

much at one (מאטש עט הוואן) כמעט פון דעמזעלבען ווערטה אדער ווירקונג.

much'ness *n.* (מאטש'-נעס) פיעלקייט; א סך.

much obliged' (מאטש אב-לאידזשד') זעהר דאנקבאר.

I am much obliged to you for your kindness.

much of a much'ness (מאטש אוו ע מאטש'-נעס) כמעט דיעזעלביגע צאהל; כמעט פון דערזעלבער וויכטיגקייט אדער ווערטה; כמעט דאסזעלבע.

mu'cid *a.* (מיו'-סיד) שימעלדיג; דומפיג, טוכלע; שליימיג.

mu'cidness *n.* (מיו'-סיד-נעס) שימעלדיגקייט; דומפיגקייט, טוכלעקייט; שליימיגקייט.

mucif'erous *a.* (מיו-סיפ'-ע-ראס) וואס לאזט ארויס שליים [א קלעפיגע פליסיגקייט ביי פלאנצען און טהיערע].

mu'ciform *a.* (מיו'-סי-פארם) שליימארטיג, וואס האט די פארם פון שליים.

mu'cilage *n.* (מיו'-סי-לעדזש) גומי=ראביקע; קליי, די שליימיגע פליסיגקייט אין פלאנצען.

mucilag'inous *a.* (מיו-סי-לעדזש'-אי-נאס) שליימיג; קלעפעדיג, קלייאיג.

mucilag'inousness *n.* (מיו-סי-לעדזש'-אי-נאס-נעס) שליימיגקייט; קלעפעדיגקייט, קלייאיגקייט.

mucip'arous *a.* (מיו-סיפ'-ע-ראס) ז. *muciferous*.

muck *n. and v.* (מאק) מיסט, דרעק, טינוף; געלד; בעשמוצען, איינמאכען; בעמיסטיגען [א פעלד]; אבריינגען פון מיסט.

muck'er *n.* (מאק'-ער) א מיסט=ראמער; א שמוציגער אדער גראבער יונג.

muck'erish *a.* (מאק'-ער-איש) גראב; ווי א שמוציגער אדער גראבער יונג.

muck'erishly *adv.* (מאק'-ער-איש-לי) אויף א גראבען אופן; אזוי ווי א שמוציגער גראבער יונג.

muck'erism *n.* (מאק'-ער-איזם) גראב=קייט; אונערצויגענהייט.

muck'-fork *n.* (מאק'-פאהרק) א מיסט=גאפעל.

muck'-heap *n.* (מאק'-היעפ) א מיסט=בערגעל.

muck'-hill *n.* (מאק'-היל) ז. *muck-heap*

muck'ibus *a.* (מאק'-אי-באס) בגלופינ=דיג, פערשנאשקעט.

muck'iness *n.* (מאק'-אי-נעס) שמוציג=קייט, דרעקיגקייט.

muck'-pit *n.* (מאק'-פיט) א מיסט=גרוב.

muck'-rake *n.* (מאק'-רייק) א מיסט=גראבלע.

muck'rake *v.* (מאק'-רייק) פאנגען פיש אין מוטנעם וואסער [אנמאכען א פאליטי=שען טומעל כדי צו ציהען דערפון נוצען פאר זיך].

muck'raker *n.* (מאק'-ריי-קער) א מיסט=גראבער; איינער וואס פאנגט פיש אין מוטנעם וואסער [איינער וואס מאכט א טומעל וועגען פאליטישע חטאים כדי צו ציהען נוצען פאר זיך].

muck'-sweat *n.* (מאק'-סוועט) שטאר=קער שווייס.

muck'-thrift *n.* (מאק'-טהריפט) א קמצן, א קארגער.

muck'-worm *n.* (מאק'-הוואירם) א מיסט=ווארים; א קארגער, א חזיר.

muck'y *a. and v.* (מאק'-אי) שמוציג, מיאוס; בעשמוצען, שמוציג מאכען.

mu'cose *a.* (מיו'-קאוס) ז. *mucous*

mucos'ity *n.* (מיו-קאס'-אי-טי) שליי=מיגקייט; א פליסיגקייט וואס ענטהאלט שליים אדער איז ענהליך צו שליים.

mu'cous *a.* (מיו'-קאס) שליימיג; וואס גיט ארויס שליים אדער ליחה.

mu'cous glands (מיו'-קאס גלענדז) די שליים=דריזען [די דריזען אדער מאנד=לען פון קערפער וואס טיילען אויס פון זיך שליים].

mu'cous mem'brane (מיו'-קאס מעמ'-בריין) די שליים=הויט [ווי די הויט פון מויל אדער פון די געדערים].

mu'cousness *n.* (מיו'-קאס-נעס) שליי=מיגקייט.

mu'cro *n.* (מיו'-קראו) א שפיץ; א שארפער שפיציגער טייל פון עטוואס [ווי דער שפיץ פון א בלאט אדער פון אן ארגאן].

mu'cronate *a.* (מיו'-קרא-נייט) וואס ענדיגט זיך מיט א שפיץ.

mu'cronated *a.* (מיו'-קרא-ניי-טעד) ז. *mucronate*

mu'cronately *adv.* (מיו'-קרא-נייט-לי) מיט א שפיציגען ענד.

mu'cus *n.* (מיו'-קאס) שליים; ליחה; א קלעפיגער זאפט פון פלאנצען.

mud *n. and v.* (מאד) בלאטע, קויט; ליים; איינמאכען אין בלאטע; מאכען מוטנע, מאכען בלאטיג; ארייננקריכען אין בלאטע.

mud'-bank *n.* (מאד'-בענק) א הויפען בלאטע [הויפטזעכליך אין טייכען].

mud'-bath *n.* (מאד'-בעטה) א שלאם=וואנע [א וואנע וועלכע ווערט געמאכט מיט בלאטע פון געוויסע מינעראל=וואסער קוואלען, ווי דאס ווערט, למשל, געמאכט פאר רומאטים=קראנקע].

mud'-boat *n.* (מאד'-באוט) א שיף מיט וועלכער מען נעהמט אוועק די בלאטע, וואס ווערט ארויסגערייניגט פון א טייך אדער קאנאל.

mud'-cat *n.* (מאד'-קעט) אזא גרויסער קאץ=פיש, וועלכער געפינט זיך אין די וואַ=סערען פון דעם מיסיסיפי=באסיין.

mud'-coot *n.* (מאד'-קוהט) די אמערי=קאנישע וואסער=הוהן [אזא וואסער=פוי=געל]. ז. *coot*

mud'-dab *n.* (מאד'-דעב) די ווינטער=פלאנדערקע [אזא ברייטער פלאטשיגער פיש, וואס געפינט זיך ביי די ברעגעס פון דעם אטלאנטישען אקעאן אין נארד=אמע=ריקא].

mud'dify *v.* (מאד'-אי-פאי) מאכען שמוציג אדער בלאטיג; מאכען מוטנע, ניט קלאר.

mud'-dig'ger *n.* (מאד'-דיג'-ער) א שיף וועלכע ווערט געברויכט צום אויס=רייניגען אדער אויסגראבען דעם גרונד פון טייכען אדער קאנאלען.

mud'dily *adv.* (מאד'-אי-לי) מיט בלא=טע; פערבלאטיגט; אויף א בלאטיגען אדער שמוציגען אופן; מוטנע, ניט קלאר.

mud'diness *n.* (מאד'-אי-נעס) בלאטיג=קייט; מוטנעקייט; שמוציגקייט.

mud'dle *v. and n.* (מאדל) מאכען מוט=נע; מאכען בלאטיג; דורכמישען, דורכ=טרייסלען; צוטומלען, צומישען; בערוי=שען, פער'שכור'ען; אויסברייינגען אדער פערשווענדען אויף גארנישט; ווערען מוט=נע; זיין בערוישט אדער צוטומעלט [בע=זאנדערס פון טרינקען]; א צומישעניש, א טומלעניש; א מין פיש=זופ.

mud'dlehead *n.* (מאד'ל-העד) א צו=טומעלטער קאפ, א גולם.

mud'dle-head'ed *a.* (מאד'ל-העד'-עד) צוטומעלט, צומישט; דום, נאריש.

mud'dle-head'edness *n.* (מאד'ל-העד'-עד-נעס) צוטומעלטקייט, צומישט=קייט.

mud'-drag *n.* (מאד'-דרעג) א מאשין אדער פארריכטונג צו רייניגען דעם גרונד פון טייכען פון דעם שמוץ, וואס דארטען זאמעלט זיך אן.

mud'-dredg'er *n.* (מאד'-דרעדזש'-ער) א מאשין צום רייניגען אדער טיע=פער צו מאכען דעם גרונד פון טייכען אדער קאנאלען.

mud'dy *a. and v.* (מאד'-אי) בלאטיג, קויטיג; שמוציג; מוטנע; ניט קלאר; צוטומעלט, צומישט; דום, נאריש; מא=כען שמוציג, פערבלאטיגען; מאכען טעמפ אדער נאריש; מאכען מוטנע אדער ניט קלאר.

mud'dy-brained *a.* (מאד'-אי-בריינד) טעמפ, דום, נאריש.

mud'dybreast *n.* (מאד'-אי-ברעסט) די אמעריקאנישע רעזשאנקע אדער רע=גען=פייפער. ז. *golden plover*

mud'dy-head'ed *a.* (מאד'-אי-העד'-עד) טעמפ, דום, נאריש.

mud'dying *n.* (מאד'-אי-אינג) כאפען פיש, מאכענדיג דערביי מוטנע דאס וואַ=סער.

mud'dy-met'tled *a.* (מאד'-אי-מעט'לד) שוואכזיניג, טעמפ, דום.

mud'-eel *n.* (מאד'-איעל) א אן אאל, א וויונע [אזא שלאנגען=ענליכער פיש וועלכער געפינט זיך אין בלאטיגע וואַ=סערען].

Mud-eel

mud'fish *n.* (מאד'-פיש) דער זומפ=פיש [אזא פיש וואס געפינט זיך אין זומפיגע וואסערען].



Mudfish

mud'-flat *n.* (מאד'-פלעט) א קליינער בלאטיגער אינזעל אדער שטרייף לאנד אין ים וואס זעהט זיך מייסטענס ארויס נור ווען דאס וואסער פאלט אב.

mud'-hen *n.* (מאד'-העז) די וואסער=הוהן [ז. *gallinule*]; א פרוי א ספע=קולאנטין אויף דער בערזע.

mud'-hole *n.* (מאד'-האול) א שמוץ=גרוב; א רייניגונגס=עפנונג אין א דאמפף=קעסעל; אן אזיערע מיט געזאלצענעם וואַ=סער, וואו מען פאנגט וואלפיש.

mud'-hook *n.* (מאד'-הוק) אן אנקער.

mud'-lark *n.* (מאד'-לארק) איינער וואס קלייבט אויף ארויסגעווארפענע אדער פערלארענע זאכען אין מיסט אדער אין רייניגונגס=קאנאלען; א שמוץ=גריבלער, א שמוציגער יונג; א גאסען=קינד וואס וואלגערט זיך אין שמוץ.

mud'-scow *n.* (מאד'-סקאו) א בארזשע צום פיהרען די אויסגערייניגטע שמוץ פון א טייך אדער קאנאל.

mud'sill *n.* (מאד'-סיל) א פונדאמענט=באלקען [א האלץ=באלקען פון א געביידע וואס ווערט געלעגט דירעקט אויף דער ערד]; א פערזאן פון נידריגער אבשטא=מונג; א פראסטאק.

mud'-suck'er *n.* (מאד'-סאק'-ער) א פויגעל וואס זוכט שפייז אין זומפען אדער בלאטע.

mud'-valve *n.* (מאד'-וועלוו) א ריי=ניגונגס=עפנונג אין א דאמפף=קעסעל.

mud'-walled *a.* (מאד'-הוואהלד) ארום=געריגעלט מיט א ליים=וואנד.

muez'zin *n.* (מיו-עז'-אין) א מועזין [שמש אין א מאכמעדאנישער מאשעע, וואס רופט צו גאטעס=דיענסט].

muff *n. and v.* (מאף) א מוף, א מופטע; אן אונגעלומפערטקייט אדער אונגעשיקט=קייט; אין באל=שפיעל — אונפעהיגקייט אנצוהאלטען דעם באל, וואס פאלט אריין אין די הענד; א פערבינדונג פון צוויי רעהרען; א ניט=געניטער ארויסהעלפער; א גולם, א דומער יונג; טהאן עט=וואס אונגעלומפערט; האנדלען ווי א גולם; אין באל=שפיעל — ניט קענען אנהאלטען דעם באל כאפענדיג איהם.

muff'-dog *n.* (מאפ'-דאג) א קליין שוים=הינטעל [וואס מען קען טראגען אין א מופטע].

muffetee' *n.* (מאפ-ע-טיע') א פולס=ווערמער, א ווארימער האנד=מאנזשעט.

muf'fin *n.* (מאפ'-אין) מופין, אזא קליינער לייכטער קוכען אדער ברויטעל וואס ווערט געוועהנליך געגעסען הייסערהייד מיט פוטער; א קליינע ערדענע אדער ליימענע פלאטע.

muf'fin-cap *n.* (מאפ'-אינ-קעפ) אזא רונדעס, פלאכעס מענער=היטעל.

muffineer' *n.* (מאפ-אי-ניער') אזא כלי צום האלטען מופין=קוכען הייס; אזא מעטאלענע כלי אין וועלכער מען האלט צוקער אדער זאלץ צו בעשיטען מופין=קוכען. ז. *muffin*.

muf'fin-man *n.* (מאפ'-אינ-מען) א פערקויפער פון מופין=קוכען.

muf'fle *v. and n.* (מאפל) איינהילען, איינוויקלען; פערדעקען, פערשטיקען, שטיל מאכען; פערבינדען די אויגען; שטאמלען, ריידען ניט קלאר; אן איינוויקלונג, אן איינהילונג [בעזאנדערס צו פערשטיקען א קלאנג]; א באקסער=הענטשקע; א מופעל [אזא כלי פון א מאטעריאל וואס קען אויסהאלטען דעם שטארקסטען פייער און וועלכע ווערט בענוצט פאר כעמישע צוועקען]; אזא קליינער אויווען וואו ליימענע אדער פארצעלייענע כלים, וועלכע ווערען געפארבט מיט מעטאל=קאלירען, ווערען געברענט.

muf'fled *a.* (מאפלד) איינגעוויקעלט, איינגעהילט [בעזאנדערס דאס געזיכט]; פערבונדען די אויגען; פערשטיקט [וועגען א קלאנג].

muf'fled drum (מאפלד דראם) א פויק [ווי וואס איהר קלאנג איז פערשטיקט דאס ווערט געמאכט ביי א טרויער=מארש].

muf'fler *n.* (מאפ'-לער) א שלייער, אן איינוויקלונג; א האלז=שאל; א פארריכטונג צו פערשטיקען אדער צו פערטויבען א קלאנג; א פארריכטונג ביי אויטאמאבילען אדער אנדערע עקספלאזיאנס=מאטארען צו פערשטיקען דעם נערויש פון די גאזען ביי זייער אויסשטראמען פון צילינדער; א הענטשקע מיט איין פינגער.

muf'flon *n.* (מאפ'-לאן) ז. *moufflon*.

muf'ti *n.* (מאפ'-טי) א מופטי, א בעאמטער אין א טערקישען אדער אינדישען געריכט וואס האט די אויפגאבע אויסצוטייטשען די געזעצען פון קאראן [די מאכמעדאנישע תורה]; ציוויל=קליידער, וואס ווערען געטראגען פון בעאמטע ווען זיי זיינען אויסער דיענסט.

mug *n. and v.* (מאג) א טרינק=קרוג, א קובאק; דאס מויל; דאס געזיכט; מאכען גרימאסען, פערקרימען דאס געזיכט.

mug'gard *a.* (מאג'-ארד) אונצופריעדען, שלעכט געשטימט.

mug'giness *n.* (מאג'-אי-נעס) טריבקייט, נאסקייט, פייכטקייט; שימעלדיגקייט, טוכלעקייט.

mug'gins *n.* (מאג'-אינז) אזא קינדערשע קארטען=שפיעל; אזא שפיעל אין דאמינא.

mug'gish *a.* (מאג'-איש) ז. *muggy*.

mug'gy *a.* (מאג'-אי) נאס, פייכט; שימעלדיג, טוכלע.
This is a **muggy** day.

mug'-house *n.* (מאג'-האוס) א שענק, א טרינק=הויז.

mug'-hun'ter *n.* (מאג'-האנ'-טער) א ספארטסמען וואס יאגט זיך בלויז נאך וועט=געווינסען [פריזען].

Mu'gil *n.* (מיו'-דזשיל) א געוויסער מין שופען=פיש וועלכע געפינען זיך אין ימים און אין טייכען.

mug'wort *n.* (מאג'-הוואירט) דער בייפוס [אזא פלאנצע].

mug'wump *n., v. and a.* (מאג'-הוואמפ) אן אונאבהענגיגער פאליטיקער; א וויכטיגע פערזאן; איינער וואס האלט פון זיך צו פיעל; זיך האלטען אונאבהענגיג [אין פאליטיק]; וואס האלט פון זיך; וואס איז אונאבהענגיג אין פאליטיק.

Mug'wump *n.* (מאג'-הוואמפ) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א מיטגליעד פון דער רעפובליקאנישער פארטיי, וואס האט אין יאהר 1884 ניט געשטימט פאר די רעפובליקאנישע פארטיי=קאנדידאטען.

mug'wumpery *n.* (מאג'-הוואמפ-ער-אי) פאליטישע אונאבהענגיגקייט.

mug'wumpism *n.* (מאג'-הוואמפ-איזם) ז. *mugwumpery*.

Muhar'ram *n.* (מו-הער'-עם) א מאכמעדאנישער יום=טוב וועלכער ווערט געפייערט אין דעם משך פון ערשטען מאנאט פון מאכמעדאנישען יאהר.

mulat'to *n. and a.* (מיו-לעט'-או) א מולאט [איינער וואס שטאמט אב פון געמישטע עלטערען פון וועלכע איינער איז פון דער ווייסער ראסע און דער אנדערער א נעגער]; וואס האט דעם קאליר פון א מולאט.

mulat'tress *n.* (מיו-לעט'-רעס) א מולאטין.

mul'berry *n.* (מאל'-בער-אי) א מויל=בער=בוים [די בלעטער פון דיעזען בוים ווערען בענוצט צום האדעווען זייד=ווערים]; א מוילבער [די פרוכט פון א מוילבער=בוים]; א דונקעלע פורפור=פארב, ווי דער קאליר פון מוילבערען.

Mulberry

mul'berry-faced *a.* (מאל'-בער-אי-פייסט) מיט א רויטען געזיכט [ווי פון א מוילבער].

mulch *a., n. and v.* (מאלטש) ווייך, פוכקע [וועגען ערד]; שטרוי=מיסט; בעדעקען מיט שטרוי=מיסט.

mulct *n. and v.* (מאלקט) א קנס; א געלד=שטראף; קנס'ענען, ארויפלעגען א געלד=שטראף.

mulc'tary *a.* (מאלק'-טע-רי) קנס'ענדיג, בעשטראפענדיג מיט געלד; וואס בעשטעהט אין געלד=שטראף.

mulc'tuary *a.* (מאלק'-טשו-ע-רי) ז. *mulctary*.

mule *n.* (מיול) א מויל=עזעל, א מויל=טהיער; א טהיער וואס שטאמט פון געמישטע מינים; א מולע=מאשין [א געוויסע שפין=מאשין]; א מטבע וואס איהרע ביידע זייטען זיינען גלייך; א שטעקשוך אהן קנאפעל; אזא פערד=קראנקהייט.

mule'-deer *n.* (מיול'-דיער) דער שווארץ=עקיגער הירש [אזא הירש מיט גרויסע אויערען, וועלכער געפינט זיך אין די וועסטליכע געגענדען פון נארד=אמעריקא].

mule'-dri'ver *n.* (מיול'-דראי'-ווער) אן אנטרייבער פון א מויל=עזעל.

muleteer' *n.* (מיו-לע-טיער') ז. *mule-driver*.

mule'-twist *n.* (מיול'-טהוויסט) פאדים געשפונען מיט א מולע=מאשין [א געוויסע שפין=מאשין].

mu'ley *a. and n.* (מיו'-לי) אהן הערנער; א קוה.

mulieb'rity *n.* (מיו-לי-עב'-רי-טי) ווייבליכקייט, די ווייבערישע נאטור.

mu'lier *n.* (מיו'-לי-ער) א פרוי, א געזעצליך ווייב; א געזעצליכער זוהן.

mu'lierty *n.* (מיו'-לי-ער-טי) געזעצליכע געבורט.

mu'lish *a.* (מיו'-ליש) ווי א מויל=עזעל; פער'עקשנ'ט, איינגעשפארט; פון געמישטער אבשטאמונג.

mu'lishly *adv.* (מיו'-ליש-לי) אזוי ווי א מויל=עזעל; אויף א פער'עקשנ'טען אופן.

mu'lishness *n.* (מיו'-ליש-נעס) איינגעשפארטקייט; דאס זיין עזעלש.

mull *v. and n.* (מאל) הייס און זיס מאכען צום טרינקען [ווי וויין, גראז א. ד. ג.]; טהאן עטוואס אונגעשיקט אדער אונגעלומפערט; צומישען, צוטומלען; צוברעכען אויף פיצלעך; צורייבען אויף שטויב; ארבייטען פיעל אהן ערפאלג; א צומישעניש, א צוטומלעניש; א דינער, ווייכער זארט מוסלין.

mullagataw'ny *n.* (מאל-ע-גע-טאה'-ני) ז. *mulligatawny*.

mul'lein *n.* (מאל'-ען) דאס וואל=קרויט [א געוויסע גרויסע גראז=פלאנצע מיט גרויסע, דיקע וואליגע בלעטער און מיט געלבער וואליגער בליהונג].

mul'len *n.* (מאל'-ען) ז. *mullein*.

mull'er *n.* (מאל'-ער) א צורייבער, א צומאהלער [דער טייל פון א מאהל=אפאראט וואס צורייבט אדער צופולווערט]; א כלי מיט וועלכער מען צורייבט פארב; איינער וואס מאכט גליה=וויין [וויין וואס ווערט הייס געמאכט, געווירצט און פערזיסט]; א כלי צו מאכען גליה=וויין.

mul'let *n.* (מאל'-עט) א געוויסער עסבארער שופען=פיש וועלכער איז פערשפרייט אין פערשיעדענע געגענדען אין ימים און טייכען; דאס רעדעל פון שפארען; א שטערען=פערמיגע פיגור אויף א הערב אדער שילד=וואפען.


Mullet

mulligataw'ny *n.* (מאל-אי-גע-טאה'-ני) אזא שארף=געווירצטע זופ אין אסט=אינדיען.

mul'ligrubs *n.* (מאל'-אי-גראבז) א קראמפף אין די געדערים; בויך=וועהטאג; שלעכטע שטימונג.

mul'lion *n. and v.* (מאל'-יאן) דער ווערטיקאל=שטעהענדער קרייץ=שטאנג פון א פענסטער [אין פענסטער וועלכע הא=

בען מעהרערע שויבען]; טיילען א פענסטער דורך קרייץ-שטאנגען.



Mullion

mul'lioned *a.* (מאל'-יאנד) מיט קרייץ-שטאנגען [ווי. א פענסטער].

mull'mull *n.* (מאל'-מאל) ז. *mulmul*.

mul'mul *n.* (מאל'-מאל) א מין דינער, ווייכער מוסלין.

mulse *n.* (מאלס) האניג-וויין, פערזיסטער וויין.

mulsh *a., n. and v.* (מאלש) ווייך, פוכקע [וועגען ערד]; שטרוי-מיסט; בעדעקען מיט שטרוי-מיסט.

mult *v.* (מאלט) נעהמען געצאהלט פאר מאהלען תבואה.

multan'gular *a.* (מאל-טענ'-גיו-לאר) פיעל-ווינקעלדיג, פיעל-עקיג, פיעל-קאנטיג.

multan'gularly *adv.* (מאל-טענ'-גיו-לאר-לי) מיט פיעל ווינקלען; פיעל-עקיג.

multan'gularness *n.* (מאל-טענ'-גיו-לאר-נעס) פיעל-ווינקעלדיגקייט, פיעל-עקיגקייט.

multan'imous *a.* (מאל-טענ'-אי-מאס) פיעל-זייטיג, וואס צייגט ארוים א פיעל-זייטיגען טאלאנט אדער פעהיגקייטען.

multartic'ulate *a.* (מאל-טאר-טיק'-יו-לייט) פיעל-גליעדערדיג, פיעל-געלענקיג.

multe'ity *n.* (מאל-טי'-אי-טי) פיעל-פאכיגקייט; פיעל-צאהליגקייט.

multian'gular *a.* (מאל-טי-ענ'-גיו-לאר) ז. *multangular*.

multicap'itate *a.* (מאל-טי-קעפ'-אי-טייט) פיעל-קעפיג.

multicap'sular *a.* (מאל-טי-קעפ'-סיו-לאר) וואס האט פיעל זוימען-קאפסלען [וועגען פלאנצען].

multica'vous *a.* (מאל-טי-קיי'-וואס) פיעל-גריבערדיג; פיעל-לעכערדיג.

multicel'lular *a.* (מאל-טי-סעל'-יו-לאר) פיעל-צעליג, וואס בעשטעהט פון פיעלע צעלען.

multicip'ital *a.* (מאל-טי-סיפ'-אי-טעל) פיעל-קעפיג.

mul'ticolor *a.* (מאל'-טי-קאל-אר) פיעל-פארביג.

multicos'tate *a.* (מאל-טי-קאס'-טייט) פיעל-ריפיג, וואס האט פיעל ריפען.

multidig'itate *a.* (מאל-טי-דידזש'-אי-טייט) פיעל-פינגערדיג.

multifa'rious *a.* (מאל-טי-פיי'-רי-אס) פיעל-ארטיג, זעהר פערשיעדענארטיג.

multifa'riously *adv.* (מאל-טי-פיי'-רי-אס-לי) אויף א פערשיעדענארטיגען אופן; מיט פיעל-ארטיגקייט.

multifa'riousness *n.* (מאל-טי-פיי'-רי-אס-נעס) פיעל-ארטיגקייט; גרויסע פערשיעדענארטיגקייט.

multif'erous *a.* (מאל-טיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארוים אדער פראדוצירט פיעל.

mul'tifid *a.* (מאל'-טי-פיד) וואס האט פיעל טיילען, געשפאלטען אין פיעלע טיילען.

multiflo'rous *a.* (מאל-טי-פלאו'-ראס) פיעל-בליטהיג, פיעל-בלומיג.

mul'tifold *a.* (מאל'-טי-פאולד) פיעל-פאכיג, פיעל-צאהליג.

mul'tiform *a.* (מאל-טי-פארם) פיעל-פערמיג.

multifor'mity *n.* (מאל-טי-פאר'-מי-טי) פיעל-פערמיגקייט.

multigen'erous *a.* (מאל-טי-דזשענ'-ע-ראס) פיעל-ארטיג, פיעל-זארטיג.

multiju'gous *a.* (מאל-טי-דזשו'-גאס) פיעל-פאריג, וואס בעשטעהט פון פיעל פאר בלעטלעך.

multilat'eral *a.* (מאל-טי-לעט'-ע-רעל) פיעל-זייטיג, וואס האט פיעל זייטען.

multilin'eal *a.* (מאל-טי-לינ'-אי-על) פיעל-שטריכיג, וואס בעשטעהט פון פיעלע ליניעס אדער שטריכען.

multil'oquence *n.* (מאל-טיל'-א-קהוועגס) פיעל-ריידעוודיגקייט; דאס זיין פיעל-ריידעוודיג.

multil'oquent *a.* (מאל-טיל'-א-קהוועגט) פיעל-ריידעוודיג, פלוידערדיג.

multil'oquous *a.* (מאל-טיל'-א-קהוואס) ז. *multiloquent*.

multino'dal *a.* (מאל-טי-נאו'-דעל) וואס האט פיעלע קניפלעך אדער סוקען.

multino'date *a.* (מאל-טי-נאו'-דייט) ז. *moltinodal*.

multino'dous *a.* (מאל-טי-נאו'-דאס) ז. *multinodal*.

multinom'inal *a.* (מאל-טי-נאמ'-אי-נעל) ז. *multinominous*.

multinom'inous *a.* (מאל-טי-נאמ'-אי-נאס) פיעל-נעמענדיג, וואס האט פיעלע נעמען.

multip'ara *n.* (מאל-טיפ'-ע-רא) א פרוי וואס האט געהאט מעהר ווי איין קינד.

multipar'ity *n.* (מאל-טי-פער'-אי-טי) פיעל-געבורט, דאס געבעהרען צוויי אדער מעהר קינדער מיט אמאל.

multip'arous *a.* (מאל-טיפ'-ע-ראס) פיעל-געבעהרענד, וואס געבעהרט פיעל מיט אמאל.

multipar'tite *a.* (מאל-טי-פאר'-טאיט) פיעל-טייליג; וואס איז געטיילט אדער געשפאלטען אין פיעלע טיילען.

mul'tiped *a. and n.* (מאל'-טי-פעד) פיעל-פיסיג; א פיעל-פיסיגע חיה.

mul'tipede *a. and n.* (מאל'-טי-פיעד) ז. *multiped*.

mul'tiple *a. and n.* (מאל'-טיפל) פיעל-פאך; וואס ענטהאלט אין זיך אן אנדער צאהל מעהרערע מאל; א גע'כפל'טע צאהל; א צאהל וואס ווערט ערהאלטען דורך כפל'ען; א צאהל וואס טיילט זיך אויף אן אנדערע אהן א רעשט.

mul'tiplex *a. and v.* (מאל'-טי-פלעקס) פיעלפאך; אין באטאניק — וואס די בלומען-בלעטלעך ליעגען אין קנייטשען איינס אויף'ן אנדערען; אין מאטעמאטיק — א רייה פון אביעקטען; פערפיעלפאכען.

mul'tipliable *a.* (מאל'-טי-פלאי-עבל) וואס קען געדאפעלט ווערען; וואס קען גע'כפל'ט ווערען; וואס קען פערמעהרט ווערען.

mul'tipliableness *n.* (מאל'-טי-פלאי-עבל-נעס) דאס קענען גע'כפל'ט ווערען; די מעגליכקייט געדאפעלט צו ווערען.

mul'tiplicable *a.* (מאל'-טי-פלי-קעבל) וואס קען פערדאפעלט ווערען; וואס קען פערמעהרט ווערען.

mul'tiplicand *n.* (מאל'-טי-פלי-קענד) דער מולטיפליקאנד, די דאפלונגס-צאהל אין כפל [די צאהל וועלכע מען כפל'ט].

mul'tiplicate *a.* (מאל'-טי-פלי-קייט) פיעלפאך, מעהרפאך.

multiplica'tion *n.* (מאל-טי-פלי-קיי'-שאן) מולטיפליקאציאן, כפל; דאס כפל'ען; די פערפיעלפאכונג, די פערמעהרונג.

multiplica'tion ta'ble (מאל-טי-פלי-קיי'-שאן טייבל) דאס איין מאל איינס אדער די כפל-טאבעלע [א טאבעלע, וואו עס איז אויסגעשטעלט איינע נאך די אנדערע א רייה סומען, וועלכע בעקומען זיך פון כפל'ען יעדע צאהל פון 1 ביז 10 אדער 12 אויף 1, 2, 3 א. ז. וו. ביז 10 אדער 12].

mul'tiplicative *a. and n.* (מאל'-טי-פלי-קיי-טיוו) כפל'ענדיג; וואס כפל'ט; וואס פערפיעלפאכט; א ווארט וואס בעצייכענט די צאהל מאל וויפיעל א געגענשטאנד ווערט גענומען [ווי די ווערטער: דאפעלט, דרייפאך, פיערפאך א. ד. ג.].

mul'tiplicatively *adv.* (מאל'-טי-פלי-קיי-טיוו-לי) כפל'ענדיג.

mul'tiplicator *n.* (מאל'-טי-פלי-קיי-טאר) דער כפל'ער, די דאפלונגס-צאהל [די צאהל מיט וועלכער מען כפל'ט].

multiplic'ity *n.* (מאל-טי-פליס'-אי-טי) פיעלפאכיגקייט; פיעלקייט.

mul'tiplier *n.* (מאל'-טי-פלאי-ער) דער כפל'ער, די דאפלונגס-צאהל [די צאהל מיט וועלכער מען כפל'ט]; א ווידערשטאנד וואס ווערט איינגעשלאסען אין אן עלעקטרישען מעסט-אינסטרומענט ווי א וואלטאמעטער אדער וואטמעטער, ווען מען דארף מעסטען א שטראם פון גרויסער שפאנונג צו וועלכען דער מעסט-אינסטרומענט איז ניט צוגעפאסט; א דראט-שפולע, וועלכע ווערט איינגעשלאסען אין אן עלעקטרישען מעסט-אינסטרומענט צו פערגרעסערען די ווירקונג פון עלעקטרישען שטראם און כדי צו פערגרעסערען די אקוראטקייט פון די מעסטונגען; א רעכען-מאשין פאר כפל; א פאררינכטונג צו דעם רעדעל פון א פישער-ווענטקע אויף וועלכער עס ווערט ארויפגעוויקעלט די שנור אום צו פערשנעלערען די געשווינדקייט פון רעדעל ווען די שנור ווערט אבגעוויקעלט ביים פישען.

mul'tiply *v.* (מאל'-טי-פלאי) פערמעהרען; דאפלען, כפל'ען; מאכען א כפל; זיך פערמעהרען.

mul'tiplying glass (מאל'-טי-פלאי-אינג גלעס) א פערפיעלפאכונגס-גלאז [א קריסטאל-גלעזעל, וואס ווען מען קוקט דורך דעם אויף א געגענשטאנד, זעהט מען איהם אין א פערפיעלפאכטער צאהל].

multipo'lar *a. and n.* (מאל-טי-פאו'-לאר) וואס האט מעהרערע מאגנעטישע פאלען [וועגען עלעקטרישע מאשינען]; אן עלעקטרישע מאשין וואס האט מעהרערע מאגנעטישע פאלען.

multip'otent *a.* (מאל-טיפ'-א-טענט) פיעל-מעכטיג.

multipres'ence *n.* (מאל-טי-פרעז'-ענס) דאס זיין אין פיעלע ערטער צו דערזעלבער צייט.

multira'diate *a.* (מאל-טי-ריי'-די-אייט) פיעל-שטראהליג, וואס האט פיעל שטראהלען.

multira'mose *a.* (מאל-טי-ריי'-מאוס) פיעל-צווייגיג, וואס האט פיעל צווייגען.

multis'cient *a.* (מאל-טיש'-ענט) פיעל-וויסענד, פיעל געבילדעט.

multis'onous *a.* (מאל-טיס'-א-נאס) פיעל-קלינגענד, וואס האט פיעלע קלאנגען.

mul'tisyllable *n.* (מאל'-טי-סיל-עבל) א ווארט פון פיעל זילבען.

multitit'ular *a.* (מאל-טי-טיט'-יו-
לאר) וואס האט פיעל טיטולען.

mul'titude *n.* (מאל'-טי-טיוד) 1. א סך,
א מענגע; א גרויסע צאהל מענשען;
2. א המון.

2. The multitude does not always follow the right leader.

multitu'dinary *a.* (מאל-טי-טיו'-די-
נע-רי) ז. *multitudinous*

multitu'dinous *a.* (מאל-טי-טיו'-די-
נאס) צאהלרייך, פיעלפאך; זעהר פיעל.

multitu'dinously *adv.* (מאל-טי-טיו'-
די-נאס-לי) אין א גרויסער צאהל; צאהל-
רייך.

multitu'dinousness *n.* (מאל-טי-
טיו'-די-נאס-נעס) דאס זיין צאהלרייך
אדער פיעלפאך.

mul'tivalve *n. and a.* (מאל'-טי-
וועלוו) א מושעל וואס האט פיעל שא-
לעכץ-דעקלעך; וואס האט פיעל שאלעכץ-
דעקלעך.

multival'vular *a.* (מאל-טי-וועל'-וויו-
לאר) וואס האט פיעל שאלעכץ-דעקלעך
[ווענען מושלען].

multiver'sant *a.* (מאל-טי-וואיר'-
סענט) פיעל-געשטאלטיג, פיעל-פערמיג,
וואס קען אננעהמען פיעל פארמען אדער
געשטאלטען.

multiv'ocal *a. and n.* (מאל-טיוו'-א-
קעל) וואס האט פיעל מיינונגען אדער בע-
דייטונגען; א ווארט אדער אויסדרוק
וואס האט מעהרערע מיינונגען אדער בע-
דייטונגען.

Multo'ca *n.* (מאל-טאו'-קא) דאס טער-
קישע געזעץ-בוך.

multoc'ular *a.* (מאל-טאק'-יו-לאר)
פיעל-אויגיג, וואס האט פיעל אויגען.

mul'tum *n.* (מאל'-טאם) א מין שטאף,
וואס ווערט בענוצט ביים ברויען ביער,
אום צו פערשפארען מאלץ און האפען.

mul'tum in par'vo (מאל'-טאם אין
פאר'-וואו) פיעל אין ווענינ, אין א קליי-
נעם אומפאנג.

multun'gulate *a. and n.* (מאל-טאנ'-
גיו-לייט) פיעל-הופיג, וואס האט פיעל
קאפיטעס; א טהיער וואס האט פיעל קא-
פיטעס.

mul'ture *n.* (מאל'-טשור) דאס מאהלען
אין א מיהל; די געמאהלענע תבואה;
דאס מאהל-געלד וואס מען דארף בעצאה-
לען דעם מילנער.

mul'turer *n.* (מאל'-טשור-ער) איינער
וואס לאזט מאהלען תבואה אין א מיהל.

mum *a., v. and n.* (מאם) מם, שטיל,
שווייגענד, שטום ווי א פיש; זיין שטיל,
שווייגען; טראגען א מאסקע; לוסטיג מא-
כען זיך אין א מאסקע; א מין שטארק
ביער פון ווייצען-מעהל.

mum'ble *v. and n.* (מאמבל) מורמלען,
ברומען, בורטשען; טשאמקען, דזשאמקען
[קייען אהן צייהנער]; א מורמעל, דאס
בורטשען.

mum'bler *n.* (מאמ'-בלער) א מורמלער,
א ברומער, א ווארטשון.

mum'ble-the-peg' *n.* (מאמ'בל-טהי-
פעג') א קינדער-שפיעל, אין וועלכען יע-
דער שפיעלער ווארפט א מעסער אין דער
הויך, און דאס מעסער פאלענדיג דארף
אריינגעשטאכען ווערען אין דער ערד.

mum'bling *n.* (מאמ'-בלינג) דאס מור-
מלען, דאס בורטשען.

mum'blingly *adv.* (מאמ'-בלינג-לי)
מורמלענדיג, בורטשענדיג, ווארטשענדיג.

mum'bo-jum'bo *n.* (מאמ'-באו-
דזשאמ'-באו) א געטשקע ביי געוויסע
נעגערישע שבטים, ביי וועלכער דאס גע-
זיכט איז פערדעקט אויף א פאנטאסטישען
אופן; יעדע אונזיניגע זאך, וועלכע דאס
פאלק האלט פאר הייליג.

mum'chance *n. and a.* (מאמ'-טשענס)
א פארצייטיגעס קארטען-שפיעל, אין וועל-
כען די שפיעלער האבען ניט געטארט רע-
דען; איינער וועלכער קען קיין ווארט
ניט ארויסרעדען, א גלאמפ, א לייממענער
גולם; שטילקייט; שטיל; שווייגענד.

mumm *v.* (מאם) זיך מאסקירען, זיך
פערשטעלען, זיך פערקליידען; טרייבען
קאטאוועס אדער שפיעלען זייענדיג פער-
קליידעט אין א מאסקע.

mum'mer *n.* (מאמ'-ער) א מאסקירטער,
א פערקליידעטער; איינער וואס פערקליי-
דעט זיך אין א מאסקע און טרייבט קא-
טאוועס אדער מאכט פערשיעדענע קונץ-
שטיק [ווי אין געוויסע קריסטליכע
חגאות]; א פערקליידעטער פורים-שפיע-
לער.

mum'mery *n.* (מאמ'-ער-אי) א פאנ-
טאמימע וואס ווערט געשפיעלט פון פער-
מאסקירטע אקטיארען; פורים-שפיעל; א
פארס; א היפאקריטישער פאראד; ניט
קיין ערנסטע צערעמאניע [ווענען געווי-
סע רעליגיעזע צערעמאניען פון מענשען
וואס בעלאנגען צו אן אנדער אמונה אדער
סעקטע].

mummifica'tion *n.* (מאמ-אי-פי-קיי'-
שאן) דאס מאכען א מומיע, דאס באלזא-
מירען א טויטען קערפער; אין פאטאלא-
גיע — אן אבשטארבונג אדער פערטרי-
קענונג פון אן אבר; גאנגרענע.

mum'miform *a.* (מאמ'-אי-פארם)
עהנליך צו א מומיע.

mum'mify *v.* (מאמ'-אי-פאי) מאכען
פאר א מומיע; באל-
זאמירען און אויס-
טריקענען א טויטען
קערפער; אויסטרי-
קענען עפעס.

mum'my *n. and v.*
(מאמ'-אי) א מומיע,
א טויטער קערפער,
וועלכער איז פער-
באלזאמירט און אויס-
געטריקענט; א מין
וואקס וואס ווערט
געברויכט ביים אריינ-
זעצען א צווייג אין
א בוים, כדי צו מא-
כען איהם מעהר
פרוכטבאר; א מין
ברוינע פארב, וואס
ווערט בענוצט צו
פאלירען מעטאלען;
פערטריקענען א טוי-
טען קערפער; מאכען
פאר א מומיע.

Mummy

mum'my brown
(מאמ'-אי בראון) א
ברוינער קאליר, ווי
די פארב פון א מו-
מיע.

mum'my-cloth *n.*
(מאמ'-אי - קלאָהטה)
דאס געוועב אין וועל-
כען מען וויקעלט איין
א מומיע; א געוועב
וואס ווערט בענוצט
פאר שטיקעריי [האפטען].

mump *v.* (מאמפ) נאגען, גריזשען;
מורמלען, בורטשען, ווארטשען; בעטלען,
שנארען, בעטען נדבות; פערשטעלען זיך
פאר אן ארימאן; אבנארען; קייען, טשאמ-
קען; זיך קרימען, מאכען גרימאסען.

mum'per *n.* (מאמ'-פער) א בעטלער,
א בעטלערקע.

mum'pish *a.* (מאמ'-פיש) פערדריסליך,
צארנדיג, אומעדיג.

mum'pishly *adv.* (מאמ'-פיש-לי) אויף
א פערדריסליכען, צארנדיגען אדער אומע-
דיגען שטייגער.

mum'pishness *n.* (מאמ'-פיש-נעס)
פערדריסליכקייט, צארנדיגקייט, אומעדיג-
קייט.

mumps *n.* (מאמפס) פערדריסליכקייט,
צארנדיגקייט, אומעדיגקייט; אן ענטצינדונג
אדער געשוויילעכץ פון די דריזען הינטער'ן
אויער.

mump'simus *n.* (מאמפ'-סי-מאס) א
טעות אדער אבערגלויבען, אן וועלכען מען
האלט זיך מיט עקשנות.

mun *n.* (מאן) דאס מויל; א בויאז.

munch *v.* (מאנטש) טשאמקען, קייען
[מיט'ן פולען מויל].

Munchau'senism *n.* (מאנ-טשאה'-
זענ-איזם) מינכהויזעניזם, א נייגונג צו
דערצעהלען געשיכטען מיט אונגעהויערע
איבערטרייבונגען און גוזמאות [לויט
דער ארט און ווייזע פון אמאליגען דיי-
טשען שרייבער באראן מינכהויזען, וועל-
כער פלעגט שרייבען זיינע געשיכטען מיט
אונגאטירליכע ווילדע איבערטרייבונגען].

Munchau'senize *v.* (מאנ-טשאה'-זענ-
איז) שרעקליך מגזם זיין; דערצעהלען א
געשיכטע מיט אונגעהויערע איבערטריי-
בונגען. ז. *Munchausenism*

mun'cher *n.* (מאנ'-טשער) א טשאמ-
קער, א קייער [איינער וואס קייעט מיט'ן
פולען מויל].

mun'dane *a.* (מאנ'-דיין) וועלטליך,
ערדיש; וואס געהערט צו דער וועלט אדער
צו דער ערד.

mun'danely *adv.* (מאנ'-דיינ-לי) אויף
א וועלטליכער ארט; בנוגע צו וועלטליכע
אדער ערדישע זאכען.

mun'dane space (מאנ'-דיין ספייס)
דער וועלט-רוים.

mundan'ity *n.* (מאנ-דענ'-אי-טי)
וועלטליכקייט; דאס זיין וועלטליך; דאס
געהערען צו דער ערד.

munda'tion *n.* (מאנ-דיי'-שאן) די ריי-
ניגונג, דאס מאכען ריין, זויבער.

mun'datory *n.* (מאנ'-דיי-טא-רי) עט-
וואס וואס קען רייניגען אדער מאכען זוי-
בער.

mun'dic *n.* (מאנ'-דיק) שוועבעל-קיעז
אדער קאלטשעדאן [א מין מינעראל וואס
בעשטעהט פון א פערבינדונג פון שוועבעל
מיט אייזען אדער מיט אן אנדער מי-
נעראל, ווי קופער, צינק א. ד. ג.].

mundif'icant *a. and n.* (מאנ-דיפ'-
אי-קענט) וואס רייניגט און היילט; א
מיטעל צו רייניגען און היילען [א
וואונד].

mundifica'tion *n.* (מאנ-די-פי-קיי'-
שאן) די רייניגונג, די זויבערונג.

mun'dify *v.* (מאנ'-די-פאי) רייניגען,
זויבערען.

mun'go *n.* (מאנ'-גאו) וואל איבערגע-
מאכט פון אלטע וואלענע שטאפען; אזא
אסט-אינדישע פלאנצע, וואס איהרע ווארצ-
לען ווערען געברויכט אלס מיטעל געגען
דעם גיפט פון שלאנגען.

mun'goos *n.* (מאנ'-גוהס) ז. *mongoos*

munic'ipal *a.* (מיו-ניס'-אי-פעל) מו-
ניציפאל, וואס איז שייך צו דער זעלבסט-
פערוואלטונג פון א שטאדט אדער קהילה;

זעלבסט-פערוואלטענד; וואס איז שייך צו די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון א נאציאן אדער מלוכה און איהרע בירגער.

munic'ipal bor'ough (מיו-ניס-אי-פעל באר'-או) אין ענגלאנד — א קהילה אדער געמיינדע וואס האט א פריווילעגיע פון קעניג צו האבען זעלבסט-פערוואלטונג.

munic'ipal constitu'tion (מיו-ניס-אי-פעל קאנ-סטי-טיו'-שאן) די שטאדטישע ארדנונג.

munic'ipal corpora'tion (מיו-ניס-אי-פעל קאהר-פא-ריי'-שאן) א קהילה אדער געמיינדע וואס האט זעלבסט-פערוואלטונג.

munic'ipal court (מיו-ניס'-אי-פעל קאורט) דאס שטאדט-געריכט.

municipalisa'tion *n.* (מיו-ניס-אי-פעל-אי-זיי'-שאן) ז. *municipalization*.

municipal'ity *n.* (מיו-ניס-אי-פעל'-אי-טי) א מוניציפאליטעט; א שטאדט אדער געמיינדע וואס האט זעלבסט-פערוואלטונג.

municipaliza'tion *n.* (מיו-ניס-אי-פעל-אי-זיי'-שאן) מוניציפאליזירונג; דאס פערוואנדלען פערשיעדענע פריוואטע אונטערנעהמונגען אין שטאדטישע. ז. *municipalize*.

munic'ipalize *v.* (מיו-ניס'-אי-פעל-איז) מוניציפאליזירען; מאכען אז א שטאדט אדער געמיינדע זאל האבען זעלבסט-פערוואלטונג; מאכען אז פערשיעדענע אונטערנעהמונגען, ווי די וואסער-לייטונג, שטאדט-בעלייכטונג, טראמוואיען א. ד. ג. זאלען נים ליגען אין די הענד פון פריוואטע אונטערנעהמער, נאר זאלען בעלאנגען צו דער שטאדט.

munic'ipal laws (מיו-ניס'-אי-פעל לאהז) די שטאדט-געזעצען; לאנד-געזעצען [פעראארדנונגען און געזעצען וואס ווערען ארויסגעגעבען פון דער ציווילער מאכט פון א שטאדט אדער לאנד, אין געגענזאץ צו אינטערנאציאנאלע געזעצע].

munic'ipally *adv.* (מיו-ניס'-אי-פעל-אי) בנוגע צו מוניציפאלער זעלבסט-פערוואלטונג; לויט די איינארדנונגען פון דער קהילה אדער געמיינדע.

municip'ium *n.* (מיו-ני-סיפ'-אי-אם) א שטאדט אדער געמיינדע וואס האט די רעכטען פון זעלבסט-פערוואלטונג.

munif'icence *n.* (מיו-ניפ'-אי-סענס) גרויסמוטה, פריינגעביגקייט; דאס געבען אדער בעשענקען מיט א ברייטער האנד.

munif'icency *n.* (מיו-ניפ'-אי-סען-סי) ז. *munificence*.

munif'icent *a.* (מיו-ניפ'-אי-סענט) גרויסמוטיג, פריינגעביג; מיט א ברייטער האנד.

munif'icently *adv.* (מיו-ניפ'-אי-סענט-לי) אויף א גרויסמוטיגען שטייגער; מיט א ברייטער האנד [אין געבען נדבות].

mu'niment *n.* (מיו'-ני-מענט) אן אונטערשטיצע, א פערטיידיגונג; א דאקומענט, וועלכער שטיצט אונטער און פערזיכערט איינעמס רעכט אויף עפעס; יעדע זאך, וואס ווערט בעזאנדערס געהיט אדער געשיצט [ווי ציערונג, הייליגע זאכען א. ד. ג.].

mu'niment-house *n.* (מיו'-ני-מענט-האוס) דאס ארכיון [דאס ארט וואו עס ליגען בעהאלטען פערשיעדענע דאקומענטען].

mu'niment-room *n.* (מיו'-ני-מענט-רוהם) ז. *muniment-house*.

mun'ion *n.* (מאנ'-יאן) ז. *munnion*.

muni'tion *n.* (מיו-ניש'-אן) מוניציאן, פערשיעדענע מאטעריאלען וואס ווערען געברויכט אין מלחמה; קריעגס-פאראט; פראוויאנט; מאטעריאלען וואס ווערען בענוצט אויסצופיהרען א געוויסע אונטערנעהמונג.

munjeet' *n.* (מאנ-דזשיעט') אסט-איני דישער קראפ; פארב פון אסט-אינדישען קראפ. ז. *madder*.

mun'nion *n.* (מאנ'-יאן) דער ווערטיקאלער קרייץ-שטאנג פון א פענסטער. ז. *mullion*.

mun'tin *n.* (מאנ'-טין) דאס ווערטיקאלע מיטעל-שטיק צווישען פאנעלען פון א טהיר. ז. *panel*.

mun'ting *n.* (מאנ'-טינג) ז. *muntin*.

munt'jac *n.* (מאנט'-דזשעק) א מין קליינער הירש אויף דעם אינזעל יאווא.

Muntjac

munt'jack *n.* (מאנט'-דזשעק) ז. *muntjac*.

mur *n.* (מויר) א מין פאקען-עהנליכע קראנקהייט [ביי בהמות].

mu'rage *n.* (מיו'-ריידזש) מויער-שטייער [די צינזען אדער שטייערען וואס מען צאהלט אין א שטאדט, כדי צו האלטען אין ארדנונג די געמויערטע ווענד אדער די פעסטונג].

mu'ral *a. and n.* (מיו'-רעל) ווי א וואנד; וואס געהערט צו א וואנד, פון א וואנד; ווערטיקאל ווי א וואנד; אין פאטאלאגיע — וואס בעצייכענט א געוויסע פארם פון שטיינדלעך אין אורין [אזא קראנקהייט]; א וואנד, א מויער.

mu'rally *adv.* (מיו'-רעל-אי) געמאכט אזוי, אז עס זאל האבען די פארם אדער דאס אויסזעהן פון שטיינער אדער ציגעל אין א וואנד.

mu'ral pain'ting (מיו'-רעל פיינ'-טינג) וואנד-מאלעריי.

mur'der *n. and v.* (מויר'-דער) א מארד; מארדען, ערמארדען; פערניכטען, מאכען א סוף צו עפעס; איבערפיהרען, פערדארבען.

mur'derer *n.* (מויר'-דער-ער) א מערדער.

mur'deress *n.* (מויר'-דער-עס) א מערדערין.

mur'derous *a.* (מויר'-דער-אס) מערדעריש; וואס בעגעהט מערדערייען; שרעקליך ברוטאל; בלוטדורשטיג.

mur'derously *adv.* (מויר'-דער-אס-לי) אויף א מערדערישער ארט.

mure *n. and v.* (מיור) א וואנד, א מויער, א פעסטונגס-וואנד; איינשליסען אין ווענד אדער אין מויערען.

mu'renger *n.* (מיו'-רענ-דזשער) דער אויפזעהער פון א פעסטונגס-וואנד.

mu'rex *n.* (מיו'-רעקס) דער פורפור-שנעק [א מין מאלוסקע, וואס געפינט זיך אין די ימים פון די הייסע לענדער. פון איהר פלעגט מען אין אלטערטום בעקומען פורפור-פארב].

Murex

mur'geon *n.* (מויר'-דזשאן) א פערקרימט מויל; א גרימאסע, א העויה; דאס בורטשען; דאס ווארטשען; דאס שעפטשען.

mu'riacite *n.* (מיו'-רי-ע-סאיט) ז. *anhydrite*.

mu'riate *n. and v.* (מיו'-רי-אייט) דאס זאלץ-זויערע זאלץ אדער כלאריד [ז. *chlorid*]; אריינלעגען אין געזאלצענעם וואסער.

mu'riated *a.* (מיו'-רי-איי-טעד) געזאלצען; אין כעמיע — וואס ענטהאלט כלאריד. ז. *chlorid*.

muriat'ic *a.* (מיו-רי-עט'-איק) עהנליך צו געזאלצענעם וואסער; וואס איז שייך צו אדער וואס בעקומט זיך פון זאלץ-וואסער.

muriat'ic ac'id (מיו-רי-עט'-איק עס'-איד) ז. *hydrochloric acid*.

muriatif'erous *a.* (מיו-רי-ע-טיפ'-ע-ראס) פון וואס עס בעקומט זיך זאלץ-זויערע אדער זאלץ.

mu'ricate *a.* (מיו'-רי-קייט) אויסגעזעצט מיט שטאכלען אדער שפיצלעך; שפיציג, שטאכעלדיג.

mu'ricated *a.* (מיו'-רי-קיי-טעד) ז. *muricate*.

muricatohis'pid *a.* (מיו-רי-קיי-טאו-היס'-פיד) אין באטאניק — בעדעקט מיט קורצע שארפע שטאכלען, האריג אדער שארסטיג [וועגען געוויסע פלאנצען און פרוכטען].

mu'riciform *a.* (מיו'-רי-סי-פארם) עהנליך צו א פורפור-שנעק. ז. *murex*.

mu'ricine *a.* (מיו'-רי-סין) וואס איז שייך צו א פורפור-שנעק. ז. *murex*.

mu'ricoid *a.* (מיו'-רי-קאיד) ז. *muriciform*.

muric'ulate *a.* (מיו-ריק'-יו-לייט) אין באטאניק — בעדעקט מיט קליינע שטאכלען [וועגען געוויסע פלאנצען און פרוכטען].

mu'rid *n.* (מיו'-ריד) א גריזשענדעס חיה'לע [ווי א מויז, א ראץ א. ד. ג.].

Mu'ridæ *n.* (מיו'-רי-דיע) דער מין גריזשענדע חיה'לעך [ווי מייז, ראצען א. ד. ג.].

mu'riform *a.* (מיו'-רי-פארם) אין באטאניק — וואס האט די פארם פון אויסגעלעגטע ציגעלן אין א וואנד [וועגען דער ארדנונג, אין וועלכער עס זיינען אויסגעשטעלט די צעלען פון א פלאנצע].

mu'rine *a. and n.* (מיו'-רין) מייזיש, וואס איז עהנליך צו א מויז אדער ראץ; א מויז אדער ראץ.

murk *n., a. and v.* (מוירק) די פסולת פון פרוכטען נאכדעם ווי מען האט פון זיי אויסגעדריקט דעם זאפט [ז. *marc*]; טונקעלקייט, פינסטערקייט, כמורנעקייט; טונקעל, פערפינסטערט, כמורנע; פערפינסטערען, מאכען טונקעל.

mur'kily *adv.* (מויר'־קי־לי) אויף א טונקעלען, חושך'דיגען שטייגער.

mur'kiness *n.* (מויר'־קי־נעס) טונקעל־קייט, חושך'דיגקייט, כמורנעקייט.

mur'ky *a.* and *n.* (מויר'־קי) טונקעל, פינסטער, חושך'דיג; א מין הארפסיכארד אדער קלאוויר.

mur'mur *n.* and *v.* (מויר'־מויר) דאס מורמלען, דאס בורטשען, דאס ווארטשען; מורמלען, בורטשען, ווארטשען; זיך בע־קלאגען אויף עפעס.

A murmur of disapproval was heard on all sides.

mur'murer *n.* (מויר'־מויר־ער) א מורמלער, א ווארטשון; איינער וואס בע־קלאגט זיך.

mur'muring *a.* and *n.* (מויר'־מויר־ אינג) וואס בורטשעט, וואס ווארטשעט; וואס בעקלאגט זיך; דאס בורטשען, דאס ווארטשען.

mur'muringly *adv.* (מויר'־מויר־ אינג־לי) ווארטשענדיג; בורטשענדיג; בעקלאגענדיג זיך.

mur'murish *a.* (מויר'־מויר־איש) אין מעדיצין — וואס איז עהנליך צו א בורטשען אדער מורמלען [ביים אויסהע־רען די לונגען און דאס הארץ].

mur'murous *a.* (מויר'־מויר־אס) מורמלענד, בורטשענד; וואס מורמעלט, וואס בעקלאגט זיך.

mur'murously *adv.* (מויר'־מויר־אס־לי) מיט א נידריגען, מאנאטאנעם קול אדער קלאנג; בורטשענדיג, ווארטשענדיג.

mur'phy *n.* (מויר'־פי) א קארטאפעל [הומאריסטיש].

murr *n.* (מויר) ז. *mur*

mur'rain *n.* (מאר'־איין) א פיה־מגפה, א כאליערע פון פיה.

Murre

murre *n.* (מויר) [א דער פינגווין] א מין ים־פויגעל וואס קען נים פליהען. געפינט זיך ביי די ברעגעס פון דרום־דיגען אייז־מעער].

murre'let *n.* (מויר'־לעט) א מין פינגווין. ז. *murre*

mur'rey *a.* (מאר'־אי) דונקעל־רויט, דונקעל־ברוין.

murri'na *n.* (מא־ראי'־נא) מורין־גע־פעס [כלים געמאכט פון א מין דעליקאטען שטאף "מורא" ביי די אלטע רוימער].

mur'shid *n.* (מוהר'־שיד) א מורשיד, דער הויפט פון א מאכמעדאנישען רעלי־גיעזען ארדען.

Mus *n.* (מאס) דער מין מייז.

Mu'sa *n.* (מיו'־זא) דער מין באנאנע פלאנצען.

Musa'ceæ *n.* (מיו־זיי'־סי־אי) די בא־נאנע פלאנצען.

musa'ceous *a.* (מיו־זיי'־שיאס) ווי א באנאנע; וואס איז שייך צו א באנאנע.

Mus'ca *n.* (מאס'־קא) דער מין פליגען (מאס'־קא) אדער צוויי־פליגעלדיגע אינזעקטען.

mus'ca *n.* (מאס'־קא) א פליעג.

mus'cadel *n.* (מאס'־קע־דעל) מושקאט־וויין [אזא זארט זיסער וויין]; מושקאט־וויינטרויבען; די מושקאט־בארנע.

muscadin' *n.* (מוס־קע־דען') א פראנט.

mus'cadine *n.* and *a.* (מאס'־קע־דין) א מושקאט־וויין; מושקאט־וויינטרויבען; א מושקאט־בארנע; וואס האט דעם קאליר פון מושקאט־וויין.

mus'cat *n.* (מאס'־קעט) מושקאט־וויין; א מושקאט־וויינטרויב.

mus'catel *n.* (מאס'־קע־טעל) ז. *muscadel*

musch'elkalk *n.* (מוש'־על־קעלק) דער מושעל־קאלך.

mus'cid *n.* and *a.* (מאס'־איד) א פליעג; ווי א פליעג.

Mus'cidæ *n.* (מאס'־אי־דיע) די פליע־גען.

mus'ciform *a.* (מאס'־אי־פארם) פליע־גען־עהנליך; וואס האט די פארם פון א פליעג.

Muscifor'mes *n.* (מאס־אי־פאר'־מיז) א געוויסער מין פליעגען וואס האבען א דיקען קערפער מיט קורצע פיס.

mus'cle *n.* (מאסל) א מוסקעל; א מו־שעל.

mus'cled *a.* (מאסלד) מיט מוסקעלען, מוסקעלדיג.

mus'cling *n.* (מאס'־לינג) די מוסקולא־טור, דער מוסקול־בוי.

mus'coid *a.* and *n.* (מאס'־קאיד) מאך־ארטיג, ווי מאך; א מאך־ארטיגע פלאנצע.

muscol'ogy *n.* (מאס־קאל'־א־דזשי) דער טייל פון באטאניק וואס פערנעהמט זיך מיט דער אויספארשונג פון די מאך־פלאנצען.

muscos'ity *n.* (מאס־קאס'־אי־טי) מאכיגקייט.

muscova'do *n.* (מאס־קאו־וויי'־דאו) ניט ראפינירטער אדער רויהער צוקער וואס ווערט ערהאלטען פון צוקער־ראהר.

Mus'covite *n.* and *a.* (מאס'־קא־וואיט) א מאסקווער, א רוסישער; וואס איז שייך צו מאסקווע, וואס איז פון מאסקווע [די פריהערדיגע הויפט־שטאדט פון רוסלאנד].

mus'covite *n.* (מאס'־קא־וואיט) גלימער, מאריען־גלאז [אזא דורכזיכטיגער גלאז־ארטיגער מינעראל. ז. *mica*]; די שנויץ־מויז [ז. *desman*].

Muscovit'ic *a.* (מאס־קא־וויט'־איק) וואס איז שייך צו מאסקווע, וואס איז פון מאסקווע.

mus'covy *n.* (מאס'־קא־ווי) די ביזאם־ענטעל [אזא גרויסע קאטשקע, וועלכע גע־פינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

Mus'covy glass (מאס'־קא־ווי גלעס) גלימער, מאריען־גלאז. ז. *muscovite*

mus'cular *a.* (מאס'־קיו־לאר) מוסקו־לעז; וואס האט גוט ענטוויקעלטע מוסקו־לען; וואס בעשטעהט פון מוסקולען; שטארק, קרעפטיג.

mus'cular fi'ber (מאס'־קיו־לאר פאי'־בער) דאס מוסקול־געוועב [דער פעדימדי־גער שטאף פון וועלכען די מוסקולען בע־שטעהען]; א מוסקול־פיבער, א מוסקול־פאדים.



Muscular Fibers

muscular'ity *n.* (מאס־קיו־לאר'־אי־טי) מוסקעלהאפטיגקייט; שטארקייט, גע־זונדקייט.

mus'cularly *adv.* (מאס'־קיו־לאר־לי) מיט מוסקול־קראפט; אין בעצוג צו מוס־קול־קראפט.

mus'cular mo'tion (מאס'־קיו־לאר מאו'־שאן) א מוסקול־בעוועגונג.

mus'culature *n.* (מאס'־קיו־ליי־טשור) די מוסקולאטור, די מוסקול־סיסטעם, דאס מוסקול־געוועב.

musculos'ity *n.* (מאס־קיו־לאס'־אי־טי) דאס זיין מוסקולעז, מוסקולהאפטיג־קייט.

mus'culous *a.* (מאס'־קיו־לאס) מוסקו־לעז; וואס איז שייך צו א מוסקול.

mus'culus *n.* (מאס'־קיו־לאס) א מוס־קול.

Muse *n.* (מיוז) די מוזע [דער פאעטי־שער שאפונגס־גייסט]; אין דער גריכי־שער מיטאלאגיע — איינע פון די 9 גע־טינען וועלכע האבען די הערשאפט איבער קונסט, פאעזיע און וויסענשאפט. ז. *Nine Muses*

muse *v.* and *n.* (מיוז) נאכטראכטען, נאכדענקען, זיך טיעף ארייננטראכטען; זיין אין טיעפען דענקען; נאכדענקונג, נאכ־טראכטונג; צוטראגענקייט; וואונדער, איבערראשונג.

muse *n.* (מיוס) א לאך אין א צאם וואו א יאגד־חיה קריכט דורך; דאס מונדשטיק פון א דודעל־זאק [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט].

mused *a.* (מיוזד) בעטרונקען, בגלופין'דיג.

muse'ful *a.* (מיוז'־פול) פערטיעפט אין געדאנקען; צוטראגען.

muse'fully *adv.* (מיוז'־פול־אי) אין געדאנקען פערטיעפט; צוטראגען.

muse'less *a.* (מיוז'־לעס) אהן א מוזע, אהן פאעטישער בעגייסטערונג.

museog'rapher *n.* (מיו־זי־אג'־רע־פער) ז. *museographist*

museog'raphist *n.* (מיו־זי־אג'־רע־פיסט) איינער וואס בעשרייבט אדער קלא־סיפיצירט די געגענשטענדע אין א מוזע־אום.

museog'raphy *n.* (מיו־זי־אג'־רע־פי) די סיסטעמאטישע בעשרייבונג פון גע־גענשטענדע, וועלכע געפינען זיך אין א מוזעאום.

museol'ogist *n.* (מיו־זי־אל'־א־דזשיסט) איינער וואס איז א קענער אין איינארדנען און פערוואלטען מוזעאומס.

museol'ogy *n.* (מיו־זי־אל'־א־דזשי) די קענטניס פון איינארדנען און פער־וואלטען מוזעאומס.

mu'ser *n.* (מיו'־זער) א פאנטאזיאר, א טרוימער; א צושטרייטער מענש.

mu'set *n.* (מיו'־סעט) א לאך אין א צאם, וואו א חיה קריכט דורך.

musette' *n.* (מיו־זעט') א דודעלזאק [אזא מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט]; אזא טאנץ־מעלאדיע.

muse'um *n.* (מיו־זי'־אם) א מוזעאום [א געביידע פערנומען מיט א זאמלונג פון פערשיעדענע געגענשטענדע, וועלכע הא־בען א קינסטלערישען אדער וויסענשאפט־ליכען אינטערעס]; א קינסטלערישע אדער וויסענשאפטליכע זאמלונג.

mush *n.* (מאש) מאמאליגא, קוקורוזע־קאשע; קאשע; אייזען־ערץ פון דער בעס־טער קוואליטעט.

mushed *a.* (מאשט) אויסגע־שוואך; מאטערט, אבגעניצט.

mush'room *n.*, *a.* and *v.* (מאש'־רוהם) א שוועמעל; אן אויפגעקומענער מענש; וואס איז שייך אדער עהנליך צו א שווע־

מעל; געמאכט פון שוועמלעך; וואס קומט אויף שנעל און פערגעהט שנעל [ווי א שוועמעל]; שנעל שטייגען אין ראנג.

mush'room-spawn *n.* (מאש'-רוהמ-ספאהן) דער שוועמעל=זאמען.

mush'y *a.* (מאש'-אי) ווייך ווי קאשע; ווי קאשע.

mu'sic *n.* (מיו'-זיק) מוזיק; הארמאניע, וואויל=קלאנג; לעבעדיגקייט; אויפרעגונג.

mu'sica *n.* (מיו'-זי-קא) מוזיק.

mu'sical *a.* (מיו'-זי-קעל) מוזיקאליש; וואויל=קלינגענד, הארמאניש, מעלאדיש.

mu'sical box (מיו'-זי-קעל באקס) ז. *music-box*

mu'sical char'acters (מיו'-זי-קעל קער'-עק-טערז) מוזיק=נאטען.

mu'sical clock (מיו'-זי-קעל קלאק) א שפיעל=זייגער.

mu'sical direc'tor (מיו'-זי-קעל די-רעק'-טאר) א קאפעלמייסטער, א דיריגענט פון א מוזיק=ארקעסטער.

mu'sical dra'ma (מיו'-זי-קעל דרא'-מא) א מוזיקאלישע דראמא, אן אפערא.

musicale' *n.* (מיו-זי-קעל') א פריוואט=קאנצערט [א קאנצערט וואס ווערט געגעבען אין א פריוואט=הויז פאר א געקליבענעם עולם].

mu'sical ear (מיו'-זי-קעל איער) א מוזיקאלישער אויער [אן אויער וואס אונטערשיידעט זעהר גוט מוזיקאלישע טענער].

mu'sical glass'es (מיו'-זי-קעל גלעס'-עז) א גלאז=הארמאניקא [א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס איז צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע שטיקלעך גלאז, אויף וועלכע עס ווערט געשפיעלט מיט א העמערעל].

musical'ity *n.* (מיו-זי-קעל'-אי-טי) ז. *musicalness*

mu'sically *adv.* (מיו'-זי-קעל-אי) אויף א מוזיקאלישען אופן; אין בעצוג צו מוזיק.

mu'sicalness *n.* (מיו'-זי-קעל-נעס) מוזיקאלישקייט; דאס זיין מוזיקאליש.

mu'sic-book *n.* (מיו'-זיק-בוק) א מוזיק=בוך, א נאטען=בוך.

mu'sic-box *n.* (מיו'-זיק-באקס) א שפיעל=קאסטען.

mu'sic-cab'inet *n.* (מיו'-זיק-קעב'-אי-נעט) א נאטען=אלמער [אן אלמער אין וועלכען עס ווערען געהאלטען מוזיק=נאטען]; א נאטען=סטענדער.

mu'sic-case *n.* (מיו'-זיק-קיים) א שראנק אדער עטאזשערקע צו האלטען מוזיק=נאטען; א נאטען=מאפע [א פארטפעל צו האלטען נאטען]; א קאסטען אין א דרוקעריי צו האלטען מוזיק=שריפט.

mu'sic-chair *n.* (מיו'-זיק-טשעהר) ז. *music-stool*

mu'sic-hall *n.* (מיו'-זיק-האהל) א קאנצערט=זאאל; א טעאטער פאר לייכטע פיעסען און מוזיק.

musi'cian *n.* (מיו-זיש'-ען) א מוזיקער, א מוזיקאנט, א כלי=זמר.

musi'cianship *n.* (מיו-זיש'-ען-שיפ) דאס זיין א מוזיקאנט; מוזיקאלישע פעהיגקייט.

mu'sicless *a.* (מיו'-זיק-לעס) ניט מוזיקאליש, ניט הארמאניש.

mu'sic-mad *a.* (מיו'-זיק-מעד) משוגע פערקאכט אין מוזיק.

mu'sic-mas'ter *n.* (מיו'-זיק-מעס'-טער) א מוזיק=לעהרער.

mu'sic-mis'tress *n.* (מיו'-זיק-מיס'-טרעס) א מוזיק=לעהרערין.

musicog'raphy *n.* (מיו-זי-קאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען נאטען.

musicoma'nia *n.* (מיו-זי-קא-מיי'-ני-א) א קרענקליכע ליידענשאפט צו מוזיק.

mu'sic-pa'per *n.* (מיו'-זיק-פיי'-פער) נאטען=פאפיער [ליניערטעס פאפיער צום שרייבען נאטען].

mu'sic-pen *n.* (מיו'-זיק-פען) אזא פעדער צו ליניערען פאפיער צו שרייבען נאטען.

mu'sic-rack *n.* (מיו'-זיק-רעק) א נאטען=סטענדער.

mu'sic-recor'der *n.* (מיו'-זיק-רי-קאהר'-דער) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט מוזיק=שטיקער, ווען זיי ווערען געשפיעלט אויף א פיאנא אדער קלאוויר.

mu'sic-school *n.* (מיו'-זיק-סקוהל) א מוזיק=שוהל.

mu'sic-stand *n.* (מיו'-זיק-סטענד) א נאטען=סטענדער.

mu'sic-stool *n.* (מיו'-זיק-סטוהל) א קלאוויר=שטוהל, א פיאנא=שטוהל.

mu'sic-wire *n.* (מיו'-זיק-הוואיר) שטאהל=דראט, פון וועלכען עס ווערען געמאכט סטרונעס פאר מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

mu'simon *n.* (מיו'-סי-מאן) ז. *mouflon*

mu'sing *a.* (מיו'-זינג) פערטיעפט אין געדאנקען; פערטראכט, פער'חלום'ט, צושטרייט.

mu'singly *adv.* (מיו'-זינג-לי) אזוי ווי פער'חלום'ט; פערטראכטערהייד.

musk *n. and v.* (מאסק) מאשוס, מוסקוס, ביזאם [אזא שמעקעדיגער שטאף וואס ווערט ערהאלטען פון דעם "ער" פון די ביזאם=הירשען]; פארפיומירען מיט מאשוס אדער ביזאם.

musk'-ap'ple *n.* (מאסק'-עפל) דער מושקאט=עפעל.

musk'-cat *n.* (מאסק'-קעט) א ביזאם=קאץ; א פראנט.

musk'-deer *n.* (מאסק'-דיער) א מאשוס=הירש אדער ביזאם=הירש [א קליינער זארט הירש אהן הערנער, וועלכער האט אין זיינע געשלעכטס=ארגאנען א זעהר שמעקעדיגע פליסינקייט וועלכע ווערט בענוצט אין פארפיום].

Musk-deer

musk'-duck *n.* (מאסק'-דאק) די ביזאם=ענטעל. ז. *muscovy*

mus'ket *n.* (מאס'-קעט) א מושקעט, אן ארט שווערע ביקס פון די אמאליגע צייטען.

musketeer' *n.* (מאס-קע-טיער') א מושקעטיר, א סאלדאט וואס איז בעוואפענט מיט א מושקעט. ז. *musket*

musketoon' *n.* (מאס-קע-טוהן') א מושקעטאן, אן אלט=פרענקישע קורצע ביקס מיט א ברייטען לאך.

Musketoon

mus'ket-proof *a.* (מאס'-קעט-פרוהף) וואס קען ביישטעהן געגען דער קראפט פון א מושקעט=קויל. ז. *musket*

mus'ket-rest *n.* (מאס'-קעט-רעסט) א שטעקעל, וואס פלעגט דיענען אונטערצושטיצען א מושקעט אדער שווערע ביקס ביים שיסען.

mus'ketry *n.* (מאס'-קעט-רי) מושקעטען, פלינטען, ביקסען; סאלדאטען בעוואפענט מיט מושקעטען; די קונסט פון שיסען פון א ביקס.

mus'ket-shot *n.* (מאס'-קעט-שאט) דער שאס פון א מושקעט; די שטרעקע וואס עס פליהט א מושקעט=קויל.

musk'-gland *n.* (מאסק'-גלענד) די דריזע ביים ביזאם=הירש, וואס טיילט אויס אזא שמעקעדיגע פליסיגקייט. ז. *musk-deer*

mus'kiness *n.* (מאס'-קי-נעס) דער גערוך פון מוסקוס. ז. *musk*

musk'mallow *n.* (מאסק'-מעל-או) די שמעקעדיגע מאלווא, א מאלווא מיט שמעקעדיגע בלעטלעך [ז. *mallow*]; דער ביזאם=בוים [אזא בוימעל מיט שמעקעדיגע קערנער, וועלכע ווערען געברויכט אין פארפיום. ז. *abelmosk*].

musk'melon *n.* (מאסק'-מעל-אן) די ביזאם=מעלאנע [א מין קאנטאלופ אדער קליינער קירבים וואס מען עסט רויהערהייד].

Muskmelon

musk'-ox *n.* (מאסק'-אקס) דער ביזאם=אקס [א מין ווילדער אקס עהנליך צו א באראן און בעוואקסען מיט לאנגע און געדיכטע האר. געפינט זיך אין די קאלטע צפון=געגענדען פון אמעריקא].

Musk-ox

musk'rat *n.* (מאסק'-רעט) די שנויץ=מויז [א קליין אייראפעאיש חיה'לע, עהנליך צו א ראץ אדער מויז, וואס ערנעהרט

זיך מיט אינזעקטען. זי לאזט פון זיך ארויס א מין אראמאטישע פליסיגקייט, וועלכע ווערט בענוצט אין פארפיומען, און איהר פעלכעל האט א הויכען ווערטה אלס פוטער].

Muskrat

musk'-rose *n.* (מאסק'-ראוז) א מין רויז וואס האט ווייסע זים-שמעקעדינע בליטהען.

musk'-seed *n.* (מאסק'-סיעד) די בי-זאם-קערנער. ז. ***amber-seed***

musk'-sheep *n.* (מאסק'-שיעפ) ז. ***musk-ox***

musk'-this'tle *n.* (מאסק'-טהיסל) די ביזאם-דיסטעל [א מין הויכע גראז-ארטיגע פלאנצע מיט שטעכינע בלעטער און רויטע בליטהען. וואקסט אין די קעלטערע געגענדען פון איירא‌פא און אין אייניגע טיילען פון נארד-אמעריקא].

mus'ky *a.* (מאס'-קי) צוגעווירצט מיט מוסקוס-פעט, וואס שמעקט ווי מוסקוס. ז. ***musk***

Mus'lim *n. and a.* (מאס'-לים) א מו-סולמאנער, א מאכמעדאנער; מאכמעדא-נייש, מוסולמאניש.

mus'lin *n. and a.* (מאז'-לין) מוסלין אדער קיסיי [זעהר א דינע באוועל-צייג]; געמאכט פון מוסלין.

muslinet' *n.* (מאז-לי-נעט') מוסלינעט [דינע באוועל-צייג, וועלכע איז דיקער און שטייפער פון מוסלין].

mus'mon *n.* (מאס'-מאן) א מין ווילדער שעפס. ז. ***mouflon***

mus'nud *n.* (מאס'-נאד) אין אסט-אינ-דיען — א הויכער עהרען-שטוהל בעדעקט מיט טעפיכען אדער קאוויארען.

musoma'nia *n.* (מיו-זא-מיי'-ני-א) ז. ***musicomania***

mus'quash *n.* (מאס'-קהוואש) ז. ***muskrat***

musqui'to *n.* (מאס-קי'-טאו) ז. ***mosquito***

mus'rol *n.* (מאז'-ראול) ז. ***musrole***

mus'role *n.* (מאז'-ראול) דער נאז-רימען [פון א צוים פון א פערד].

muss *v. and n.* (מאס) ברייננען אין אונארדנונג, צומישען; פערקאכען א קא-שע, אנמאכען א טומעל; אונארדנונג, צו-מישעניש; א קריעג מיט א ליארם.

mus'sel *n.* (מאסל) די מושעל [א מא-לוסק וואס ליעגט אין צוויי דעקלעך].

muss'iness *n.* (מאס'-אי-נעס) צושוי-בערטקייט, דאס זיין פאנאנדערגעווארפען אדער אין אונארדנונג.

Mus'sulman *n. and a.* (מאס'-אל-מען) א מוסולמאנער, א מאכמעדאנער; מוסול-מאניש, מאכמעדאניש.

Mussulman'ic *a.* (מאס-אל-מענ'-איק) מוסולמאניש; וואס איז שייך צו די מו-סולמאנער אדער צו זייער ארט לעבען.

Mus'sulmanish *a.* (מאס'-אל-מענ-איש) מוסולמאניש, מאכמעדאניש.

Mus'sulmanism *n.* (מאס'-אל-מענ-איזם) די מוסולמאנישע אדער מאכמעדא-נישע רעליגיאן, מאכמעדאניזם.

Mus'sulmanly *adv.* (מאס'-אל-מענ-לי) לויט די מוסולמאנער; אויף דעם אופן ווי די מאכמעדאנער.

muss'y *a.* (מאס'-אי) צושויבערט, אין אונארדנונג.

must *v. and n.* (מאסט) מוזען; זיין געצוואונגען אדער פערפפליכטעט צו טהאן עפעס; פרישער זאפט פון וויינטרויבען אדער אנדערע פרוכטען, וועלכער האט נאך ניט געאיהרט אדער געגעהרט; פרי-שער, נייער וויין; זויערקייט, פערשמעקט-קייט; שימעל; שטארקע אויפגערעגטקייט ביי עלעפאנטען; מאכען אדער ווערען זויער; האבען ניט קיין גוטען גערוך; שימלען.

mustache' *n.* (מאס-טעש') וואנצעס.

mustache'-cup *n.* (מאס-טעש'-קאפ) א טאס צום טרינקען מיט א דעקעל, וואס לאזט איבער נור א שמאלע עפנונג, כדי דער טרינקער זאל ניט פערנעצען זיינע וואנצעס.

mustached' *a.* (מאס-טעשט') וואס האט וואנצעס.

mustach'io *n.* (מאס-טעש'-יאו) ז. ***mustache***

mus'tang *n.* (מאס'-טענג) א ווילד פערד [פון די אמעריקאנער סטעפעס]; אן אפיציער פון דער קריעגס-פלאטע פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער איז אריינגעטראטען אין דיענסט דירעקט פון א האנדעלס-שיף, ניט ענדיגענדיג די פלא-טען-אקאדעמיע [וועגען די, וועלכע האבען געדיענט אין דער צייט פון בירגער-קריעג].

mus'tanger *n.* (מאס'-טענג-ער) איינער וואס פאנגט ווילדע פערד.

mus'tard *n.* (מאס'-טארד) זענעפט, גאר-טשיצע; די זענעפט-פלאנצע [א גראז-ארטיגע פלאנצע מיט געלבע בליטהען. ווערט בענוצט אין מעדיצין].

Mustard

mus'tarder *n.* (מאס'-טאר-דער) איי-נער וואס האנדעלט מיט זענעפט [גאר-טשיצע].

oil'-tree *n.* (איל'-טריע) דער אויל=בוים, [ווי א בוים וואס ברייננט ארוים אויל] דער איילבערטען=בוים אדער אויל=פאלמע, די ריצין=אויל פלאנצע, די בינעזישע אויל=פארב פלאנצע און די פיניע (שטיין=קיעפער, שטיין=סאסנע)].

oil'-well *n.* (איל'-הוועל) א נאפט=גרוב, א פעטראלעאום=גרוב.

oi'ly *a.* (אי'-לי) אויליג, פעט, שמיעריג, גליטשיג, גלאט; כלומר'שט העפליך [אין רעדען אדער בענעהמונג].

oi'ly-grain *n.* (אי'-לי-גריין) דער זעזאם [אזא פלאנצע]. ז. *bene*

oint *v.* (אינט) זאלבען; צולעגען א זאלב.

oint'ment *n.* (אינט'-מענט) א זאלב.

O. K. (או קיי) ריכטיג, אין ארדנונג [אלס בעצייכנונג אויף דאקומענטען]; בעצייכנען א דאקומענט מיט דיעזע בוכשטאבען.

The document received the manager's O. K.

oke *n.* (אוק) אן אקע [א געוויכטס=איינהייט אין טערקיי, וועלכע איז אונגעפעהר גלייך צו 2¾ ענגלישע פונט. ווערט אויך געברויכט אלס געוויכטס=איינהייט אין גריכענלאנד און אין איינינגע ערטער אין רוסלאנד, ווי אין בעסאראביען און אין דער געגענד ארום בעסאראביען].

Okla. [דער אבקירצונג פון *Oklahoma* שטאאט אקלאהאמא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

Okra

o'kra *n.* (או'-קרא) א מין גארטען=פלאנצע, וואס ווערט געברויכט אין זופ.

old *a.* (אולד) אלט; פארצייטיג.

old'-clothes'man *n.* (אולד'-קלאוטהז'-מען) אן אלטווארג=הענדלער; איינער וואס האנדעלט מיט אלטע קליידער.

old con'tinent (אולד קאנ'-טי-נענט) דער אלטער וועלט=טייל [אייראפא אדער דער קאנטינענט פון אייראפא, אזיע און אפריקא — אין געגענזאץ צו אמעריקא].

old coun'try (אולד קאנ'-טרי) דאס אלטע פאטערלאנד, דאס אלטע לאנד [אייראפא, בעזאנדערס ענגלאנד — אויף דער שפראך פון די אייראפעאישע אימיגראנטען אין אמעריקא].

Old Cov'enant (אולד קאוו'-ע-נענט) ז. *Old Testament*

Old Domin'ion (אולד דא-מינ'-יאן) א צונאמען פון דעם שטאאט ווירדזשיניא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

ol'den *a. and v.* (אולדן) אלט, פארצייטיג; מאכען אלט; ווערען אלט.

Old Eng'lish (אולד אינ'-גליש) די פארצייטיגע ענגלישע שפראך פון דרייצעהנטען ביז זעכצעהנטען יאהרהונדערט; אזא דרוק=שריפט, וואס איז געברויכט געווארען אין ענגלאנד אין 16טען יאהרהונדערט.

ol'der *a.* (אול'-דער) עלטער.

ol'dest *a.* (אול'-דעסט) עלטסטער, עלטסטע.

old'-faced *a.* (אולד'-פייסט) וואס זעהט אוים אלט, מיט א פערעלטערטען אויסזעהן.

old'-fash'ioned *a.* (אולד'-פעש'-אנד) אלטמאדיש, אלט=וועלטיש; וואס האט אן אלטען אויסזעהן; פריהצייטיג=רייף [ווען א יונגען מאן וואס האט געוועהנהייטען און השגות פון אן עלטערען].

old'-fash'ionedness *n.* (אולד'-פעש'-אנד-נעס) אלטמאדישקייט, פארצייטיגקייט; פריהצייטיגע רייפקייט אדער פערעלטערטקייט.

old fel'low (אולד פעל'-או) אן אלטיטשקער; אן אלטער גוטער ברודער; דער שטן, דער מחבל.

old fo'gy (אולד פאו'-גי) א מענש פון דער אלטער וועלט; איינער וואס האלט זיך אן אלטע מנהגים.

old'-fo'gyish *a.* (אולד'-פאו'-גי-איש) אלטמאדיש; וואס האלט זיך אן אלטע מנהגים.

old'-fo'gyism *n.* (אולד'-פאו'-גי-איזם) אלטמאדישקייט; דאס האלטען זיך אן אלטע מנהגים.

old'-gen'tlemanly *a.* (אולד'-דזשענ'טל-מענ-לי) וואס איז פאסיג פאר אן אלטען מאן; ווי אן אלטער הערר.

old hand (אולד הענד) א געניטער, ערפאהרענער מענש; אין דער געשיכטע פון דער אויסטראלישער קאלאניזאציאן — א געוועזענער פערברעכער.

Old Har'ry (אולד הער'-אי) דער טייוועל.

old'-light *a. and n.* (אולד'-לאיט) וואס האלט פון אלטען גלויבען אדער פרינציפען; אן אנהענגער פון אלטען גלויבען אדער פרינציפען.

old'-line *a.* (אולד'-לאין) אלטמאדיש, קאנסערוואטיוו.

old maid (אולד מייד) אן אלטע מויד, א פערזעסענע מויד; אזא שפיעל.

old'-maid'hood *n.* (אולד'-מייד'-הוד) פערזעסענקייט, דאס זיין אן אלטע מויד.

old'-mai'dish *a.* (אולד'-מיי'-דיש) פערזעסען, אלט=מוידיש.

old'-mai'dism *n.* (אולד'-מיי'-דיזם) ז. *old-maidhood*

old'-man' *n.* (אולד'-מען') דער שטאב=ווארצעל [אזא בוימעל אין זיד=אייראפא מיט שמעקעדיגע, שעהנע בלעטער].

old man (אולד מען) 1. אן אלטער מאן; 2. א בעל=הבית, א הויז=ווירטה.

2. The old man insists that the children should be obedient.

old mas'ters (אולד מעס'-טערז) די מאהלער פון דער רענעסאנס=פעריאדע [הויפטזעכליך אין איטאליען].

old'ness *n.* (אולד'-נעס) אלטקייט.

Old Nick (אולד ניק) דער טייוועל.

Old One (אולד הוואן) דער טייוועל.

Old Prob. (אולד פראב) ז. *Old Probabilities*

Old Probabil'ities (אולד פרא-בע-ביל'-אי-טיז) דער הויפט אויפזעהער פון מעטעאראלאגישען אינסטיטוט אין ניו יארק [הומאריסטיש].

old red sand'stone (אולד רעד סענד'-סטאון) דער רויט=זאמד=שטיין פון דער דעוואנישער עפאכע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד.

old salt (אולד סאהלט) אן אלטער, ערפאהרענער מאטראז.

Old Sax'on (אולד סעקסן) אלט=זאקסיש [די שפראך וואס איז אמאל גערעדט געווארען אין דייטשלאנד אין דעם דיסטריקט צווישען די טייכען רהיין און עלבא].

old school (אולד סקוהל) די אלטע שוהל, אן אלטע ריכטונג, פערעלטערטקייט, אלטמאדישקייט.

old'-school *a.* (אולד'-סקוהל) וואס שטאמט פון דער אלטער שוהל, אלטמאדיש.

Old Scratch (אולד סקרעטש) דער טייוועל.

old'-sigh'tedness *n.* (אולד'-סאי'-טעד-נעס) א שוואכע ראיה [פון עלטער]

old sledge (אולד סלעדזש) אזא קארטען=שפיעל.

old song (אולד סאהנג) א קליינינקייט, א שיבעש, א גארנישט; זעהר א קליינער פרייז.
He got it for an **old song.**

old'-squaw *n.* (אולד'-סקהוואה) די לאנג=עקיגע ים=קאטשקע. ז. *oldwife*

old stan'ding (אולד סטענ'-דינג) לאנגאניגקייט, דאס זיין פון לאנג אן.
My ailment is one of **old standing.**

old'ster *n.* (אולד'-סטער) אן אלטער מענש; א שיפס=קאדעט [אין דער ענגלישער פלאטע].

old sto'ry (אולד סטאו'-רי) אן אויסגעדראשענע מעשה.

old style (אולד סטאיל) די יוליאנישע צייטרעכנונג. ז. *Julian calendar*
George Washington was born February 22, 1732, **old style** February 12.

old'-style *a.* (אולד'-סטאיל) אלטמאדיש; וואס איז שייך צו דער יוליאנישער צייטרעכנונג [ז. *Julian calendar*]; וואס איז שייך צו א מין דרוק=שריפט, וואס איז געברויכט געווארען אין 18טען יאהרהונדערט.

Old Tes'tament (אולד טעס'-טע-מענט) דער אלטער טעסטאמענט, דער תנ"ך.

old'-time *a.* (אולד'-טאים) אלטמאדיש, פארצייטיג, פון אלטע צייטען; פון לאנג אן.

old'-ti'mer *n.* (אולד'-טאי'-מער) אן אלטער תושב; איינער וואס איז שוין אלט געווארען ביי א געוויסער בעשעפטיגונג אדער אין א געוויסען פלאץ; אן אלטמאדישער מענש, איינער וואס האלט זיך אן אלטע מנהגים אדער געוועהנהייטען.

old Tom (אולד טאם) א מין שטארקער ענגלישער וואכאלדער=בראנפען [געמאכט פון וואכאלדער=יאגדעס]. ז. *gin*

old'wife *n.* (אולד'-הוואיף) די לאנג=עקיגע ים=קאטשקע; א פאלקס=נאמען פאר אייניגע מינים פיש.

old wife (אולד הוואיף) אן אלטע באבע, אן אלטע פרוי וואס האט ליעב צו פלוידערען; א מאן וואס איז עהנליך צו אן אלטער פרוי [אין פלוידערען אדער דערצעהלען בבא=מעשות]; א קוימען=קאלפאק [צו פערהיטען, אז דער אויווען זאל ניט רויכערען]; די לאנג=עקיגע ים=קאטשקע; א נאמען פון פערשיעדענע פיש.

old wives' tale (אולד הוואיווז טייל) א בבא=מעשה, א ניט=געשטויגענע ניט=געפלויגענע געשיכטע; א פוסטע פלוידעריי.

old wom'an (אולד הוואומ'-ען) 1. אן אלטע פרוי; א הויז=פרוי; 2. די בעל=הבית'טע, די ווירטהין.
2. The **old woman** will scold us if we come late for dinner.

old'-wom'anish *a.* (אולד'-הוואומ'-ען-איש) פאסיג פאר א באבע אדער אלטער פלוידערענדער פרוי.

old'-wom'anishness *n.* (אולד'-הוואומ'-ען-איש-נעס) דאס זיין א באבע; עהנליכקייט צו אן אלטער, פלוידערענדער פרוי.

Old World (אולד הווארלד) דער קאנטינענט פון אייראפא, אזיע און אפריקא [אין געגענזאץ צו אמעריקא].

old'-world *a.* (אולד'-הווארלד) פארצייטיג; אלטמאדיש; וואס איז שייך צום קאנטינענט פון אייראפא, אזיע און אפריקא [אין געגענזאץ צו אמעריקא].

oleag'inous *a.* (או-לי-עדזש'-אי-נאס) ז. *oily*

oleag'inousness *n.* (או-לי-עדזש'-אי-נאס-נעס) ז. *oiliness*

olean'der *n.* (או-לי-ענ'-דער) דער אלעאנדער [אזא בוימעל אדער קוסט מיט שעהנע ראזעווע אדער ווייסע בלומען. די בלעטער, די בלומען און די קארע פון דעם אלעאנדער זיינען גיפטיג].

Oleander

olean'drine *n.* (או-לי-ענ'-דרין) אלעאנדרין [אזא גיפטיגער שטאף וואס ווערט ערהאלטען פון דער אלעאנדער פלאנצע].

oleas'ter *n.* (או-לי-עס'-טער) דער אלעאסטער אדער דער ווילדער אייל=בערט=בוים.

o'leate *n.* (או'-לי-אייט) אויל=זויער=זאלץ.

olecra'nal *a.* (או-לי-קריי'-נעל) וואס איז שייך צום אלעקראנאן. ז. *olecranon*

olecra'nial *a.* (או-לי-קריי'-ני-על) ז. *olecranal*

olecra'non *n.* (או-לי-קריי'-נאן) דאס אלעקראנאן [דער שפיץ פון דעם עלענבויגען, דער אויבערשטער טייל פון דעם עלענבויגען=ביין].


Oleaster

o'lefiant *a.* (או'-לי-פאי-ענט) וואס גיט ארויס אויל.

o'lefiant gas (או'-לי-פאי-ענט געס) שווערע קויהלען=וואסערשטאף גאז. ז. *carbureted hydrogen*

o'lefine *n.* (או'-לי-פין) קויהלען=וואסער=שטאף.

o'leic *a.* (או'-לי-איק) וואס איז שייך צו אויל, וואס קומט פון אויל.

o'leic ac'id (או'-לי-איק עס'-איד) אויל=זויערע [א כעמישער שטאף].

oleif'erous *a.* (או-לי-איפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס אויל.

o'lein *n.* (או'-לי-אין) אלעאין אדער עלאין [דער פליסיגער בעשטאנד=טייל פון אוילען און פעטס].

o'lent *a.* (או'-לענט) שמעקענד, מיט א גערוך.

o'leo *n.* (או'-לי-או) אלעאמארגארין [קינסטליכע פוטער]; אזא פעטס [ז. *oleo-oil*].

o'leograph *n.* (או'-לי-א-גרעף) אן אלעאגראפיע, אן אויל=פארב=בילד, אויל=פארב=דרוק.

oleograph'ic *a.* (או-לי-א-גרעפ'-איק) אלעאגראפיש; געמאכט דורך אויל=פארב=דרוק.

oleog'raphy *n.* (או-לי-אג'-רע-פי) אלעאגראפיע, אויל=פארב=דרוק; דאס אונטערשיידען אוילען לויט די פיגורען וואס זיי בילדען אין וואסער.

oleomar'garin *n.* (או-לי-א-מער'-גע-רין) אלעאמארגארין, קינסטליכע פוטער [געמאכט פון פעטס].

oleomar'garine *n.* (או-לי-א-מער'-גע-רין) ז. *oleomargarin*

oleom'eter *n.* (או-לי-אמ'-ע-טער) אן אלעמעטער, אן אויל=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די ריינקייט און די שווערקייט פון אוילען].

o'leon *n.* (או'-לי-אן) א דיסטילירטע מישונג פון קאלך און אלעאין [דער פליסיגער טייל פון פעטס].

o'leo-oil *n.* (או'-לי-או-איל) פעטס פון א נידריגען סארט וואס ווערט געברויכט צו פערפעלשען מילך=פראדוקטען.

oleores'in *n.* (או-לי-א-רעז'-אין) א נאטירליכע צוזאמענמישונג פון אויל מיט פלאנצען=זאפט.

oleosac'charum *n.* (או-לי-א-סעק'-ע-ראם) א מישונג פון אויל מיט צוקער.

o'leose *a.* (או'-לי-אוס) ז. *oleous*

o'leous *a.* (או'-לי-אס) אויליג, עהנליך צו אויל, ווי אויל.

olera'ceous *a.* (אל-ע-ריי'-שיאס) עסבאר, וואס מען געברויכט צום עסען, הויפטזעכליך געקאכטערהייד [וועגען פלאנצען]; וואס איז עהנליך צו קיך=גרינסען.

olericul'turally *adv.* (אל-ע-רי-קאל'-טשור-על-אי) אין בעצוג צו דער קולטיווירונג פון קיך=גרינסען.

ol'ericulture *n.* (אל'-ע-רי-קאל-טשור) קולטיווירונג פון קיך=גרינסען.

olfact' *v.* (אל-פעקט') שמעקען.

olfac'tion *n.* (אל-פעק'-שאן) דער חוש הריח; א גערוך.

olfac'tive *a.* (אל-פעק'-טיוו) ז. *olfactory*

olfactom'eter *n.* (אל-פעק-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם חוש הריח.

olfac'tories *n.* (אל-פעק'-טא-ריז) די נאז.

olfac'tory *a.* (אל-פעק'-טא-רי) וואס איז שייך צום חוש הריח.

olib'anum *n.* (א-ליב'-ע-נאם) אראבישער ווייהרויך [לבונה].

oligan'drous *a.* (אל-אי-גענ'-דראס) אין באטאניק — וואס האט ווייניג שטויב=געפעס אדער מענליכע געשלעכטס=ארגאנען [וועגען א פלאנצע וואס האט ווייניגער ווי 20 שטויב=געפעס].

oligan'thous *a.* (אל-אי-גענ'-טהאס) אין באטאניק — וואס האט ווייניג בליהונגען.

ol'igarch *n.* (אל'-אי-גארק) אן אליגארך, א מיטגליעד פון אן אליגארכיע [א רעגיערונגס=פארם, וואו די מאכט ליעגט אין די הענד פון א בעשרענקטער גרופע מענשען].

ol'igarchal *a.* (אל'-אי-גאר-קעל) אליגארכיש. ז. *oligarchic*

oligar'chic *a.* (אל-אי-גאר'-קיק) אליגארכיש, וואס איז שייך צו אן אליגארכיע [א רעגיערונגס=פארם, וואו די מאכט ליעגט אין די הענד פון א בעשרענקטער גרופע מענשען].

oligar'chical *a.* (אל-אי-גאר'-קי-קעל) אליגארכיש. ז. *oligarchic*

oligar'chically *adv.* (אל-אי-גאר'-קי-קעל-אי) ווי אן אליגארכיע; דורך אן אליגארכיע. ז. *oligarchy*

ol'igarchism *n.* (אל'-אי-גאר-קיזם) אן אליגארכישע רעגיערונגס=סיסטעם; אנהענגערשאפט פון אן אליגארכיע [א רעגיערונגס=סיסטעם, וואו די מאכט ליעגט אין די הענד פון א בעשרענקטער גרופע מענשען].

ol'igarchist *n.* (אל'-אי-גאר-קיסט) אן אנהענגער פון אן אליגארכיע. ז. *oligarchy*

ol'igarchize *v.* (אל'-אי-גאר-קאיז)

מאכען אליגארכיש, בילדען אן אליגארכיע. ז. *oligarchy*

ol'igarchy *n.* (אל'-אי-גאר-קי) אן אליגארכיע, א רעגיערונגס=סיסטעם וואו די מאכט ליעגט אין די הענד פון א בעשרענקטער גרופע מענשען; די מאכט האבער אין אן אליגארכיע.

olige'mia *n.* (אל-אי-דזשי'-מי-א) בלוט=ארימקייט. ז. *anemia*

ol'igiste *n.* (אל'-אי-דזשיסט) נאטירליכער רויטער אייזען=ראסט אדער בלוט=שטיין. ז. *hematite*

oligis'tic *a.* (אל-אי-דזשיס'-טיק) וואס איז שייך צום נאטירליכען רויטען אייזען=ראסט אדער בלוט=שטיין.

oligis'tical *a.* (אל-אי-דזשיס'-טי-קעל) ז. *oligistic*

ol'igochrome *a. and n.* (אל'-אי-גא-קראום) וואס איז געמאלען אין וועניג פארבען; א בילד פון וועניג פארבען.

oligophyl'lous *a.* (אל-אי-גא-פיל'-אס) אין באטאניק — וואס האט וועניג בלעטער.

oligot'rophy *n.* (אל-אי-גאט'-רא-פי) מאנגעל אין נאהרונג.

oligu'ria *n.* (אל-אי-גיו'-רי-א) א קראנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס עס ווערט אויסגעטיילט וועניג אורין [השתנה].

o'lio *n.* (או'-לי-או) א געמישט געריכט [פון פלייש, גרינסען א. ז. וו.]; א מישמאש.

ol'itory *a. and n.* (אל'-אי-טא-רי) וואס פראדוצירט קיך=גרינסען; א גרינס=גארטען; א גרינס=פלאנצע.

oliva'ceous *a.* (אל-אי-וויי'-שיאס) איילבערטען=פארביג, אליוועןגרין, מאט=גרין, געלבליך=גרין.

ol'ivary *a.* (אל'-אי-ווע-רי) עהנליך צו איילבערטען [אליוועו].

olivas'ter *a.* (אל-אי-וועס'-טער) ז. *olivaceous*

ol'ive *n. and a.* (אל'-איוו) אליוו, איילבערט; איילבערטען=בוים; איילבערט=פארב [מאט גרין, געלבליך=גרין. ז. איל. "*Colors*"]; א געלעבערט בלעכעל אויף א רימען פון א טשעמאדאן; א לאנגער קנאפ צו פערקנעפלען שנור=באנד [אויף קליידער]; דער אוסטריצעס=יעגער [אזא פויגעל]; וואס איז שייך צו איילבערטען; פון אליווען=קאליר [מאט=גריו, געלבליך=גרין].

Olive

ol'iveback *n.* (אל'-איוו-בעק) דער אליווען=פארביגער דראסעל אדער דראזד [אזא זינג=פויגעלע אין נארד=אמעריקא מיט מאט=גרינע פעדערען אויף'ן רוקען].

ol'ive-backed *a.* (אל'-איוו-בעקט) מיט אן אליווען=פארביגען [מאט=גרינעם, געלבליך=גרינעם] רוקען ז. *oliveback*

ol'ive-branch *n.* (אל'-איוו-ברענטש) אן איילבערטען=צווייג [אלס סימבאל פון פריעדען און איבערפלוס, ווי דער צווייג וואס די טויב האט, לויט דער ביבעל, געבראכט אין נח'ס תבה נאך דעם מבול].

ol'ive-col'or *n.* (אל'-איוו-קאל'-אר) אליווען=פארב, איילבערט=קאליר [מאט=גריו, געלבליך=גרין].

ol'ived *a.* (אל'-איווד) בעציערט מיט אליווען=צווייגען אדער אליווען=בוימער.

ol'ive-green *a.* (אל'-איוו-גריען) אליווען=גריו, געלבליך=גרין.

ol'iveness *n.* (אל'-איוו-נעס) אליווען=קאליר [מאט=גריו, געלבליך=גרין].

ol'ive-oil' *n.* (אל'-איוו-איל') אליווען=אויל; בוים=אויל.

ol'iver *n.* (אל'-אי-ווער) א האמער וואס ווערט געבראכט אין בעוועגונג מיט די פיס.

ol'ivet *n.* (אל'-אי-וועט) א פאלשער פערל.

ol'ive-tree *n.* (אל'-איוו-טריע) דער איילבערט=בוים. ז. *olive*

ol'ive-wood *n.* (אל'-איוו-הוואוד) אליווען=האלץ, איילבערטען=בוים האלץ.

ol'ive-yard *n.* (אל'-איוו-יארד) אן אליווען=גארטען, אן איילבערט=גארטען.

ol'ivil *n.* (אל'-אי-וויל) דער איילבערט=פודער [א פודער פון דעם פעך פון איילבערט=בוימער].

ol'ivile *n.* (אל'-אי-וויל) ז. *olivil*

ol'ivin *n.* (אל'-אי-ווין) דער קריזאליט [אזא טייערער גרינער שטיין]. ז. *chrysolite*

ol'ivine *n.* (אל'-אי-ווין) ז. *olivin*

ol'la *n.* (אל'-א) א ליימענער טאפ; א וואסער=קרוג; א געמישט געריכט [פון פלייש, גרינסען א. ז. וו.].

ol'la podri'da (אל'-א פא-דרי'-דא) א שפאניש געריכט פון שטיקלעך פלייש פון פערשיעדענע מינים צוזאמען מיט גרינסען; א מישמאש.

ol'lite *n.* (אל'-איט) טאפ=שטיין. ז. *potstone*

ol'ogy *n.* (אל'-א-דזשי) א וויסענשאפט [א הומאריסטישער אויסדרוק וואס נעהמט זיך דערפון, וואס די נעמען פון די פערשיעדענע וויסענשאפטען ענדיגען זיך מעהרסטענס אויף *ology*].

He studied mechanics, physiology, geology and all other **ologies.**

o'ly-koek *n.* (או'-לי-קוהק) א זיסער, פעטער קוכען [געפרעגעלט אויף שמאלץ].

Olym'piad *n.* (א-לימ'-פי-עד) אן אלימפיאדע [אין פארצייטיגען גריכענלאנד — א פעריאדע פון 4 יאהר, גערעכענט נאך די פיער=יעהרליכע אלימפישע פעסטליכקייטען לכבוד דעם הויפט=גאט זעאוס, ביי וועלכע עס זיינען פארגעקומען בעריהמטע אטלעטישע שפיעלען. דיעזע צייט=רעכנונג האט זיך אנגעפאנגען 776 יאהר פאר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג].

Olympiad'ic *a.* (א-לימ-פי-עד'-איק) וואס איז שייך צו אן אלימפיאדע. ז. *Olympiad*

Olym'pian *a. and n.* (א-לימ'-פי-ען) אלימפיש, וואס איז שייך צום בארג אלימפוס [וואו עס האבען, לויט דעם גלויבען פון די פארצייטיגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12 הויפט=געטער]; אן איינוואהנער פון אלימפוס [איינער פון די 12 אלט=גריכישע הויפט=געטער].

Olym'pic *a.* (א-לימ'-פיק) אלימפיש. ז. *Olympian*

Olym'pic games (א-לימ'-פיק גיימז) די אלימפישע פעסטליכקייטען, די אלימפישע אטלעטישע שפיעלען. ז. *Olympiad*

Olympion'ic *n.* (א-לימ-פי-אנ'-איק) אן אדע, א לויב=געזאנג לכבוד א זיעגער ביי די אלימפישע אטלעטישע שפיעלען. ז. *Olympiad*

Olym'pus *n.* (א-לימ'-פאס) דער בארג אלימפוס [וואו עס האבען, לויט דעם גלויבען פון די פארצייטיגע גריכען, זיך געפונען זייער 12 הויפט=געטער]; דער הימעל.

om'adhaun *n.* (אמ'-ע-דאהן) א שוטה, א פתי, א נאר, א פרא=אדם.

omag'ra *n.* (א-מעג'-רא) א גיכט אדער פאדאגרע=ענטצינדונג אין דעם אקסעל=געלענק.

omal'gia *n.* (א-מעל'-דזשי-א) וועהטאג אין אקסעל.

oman'der-wood *n.* (א-מענ'-דער-הוואוד) א מין עבען=האלץ. ז. *ebony*

oma'sal *a.* (א-מיי'-סעל) וואס איז שייך צום דריטען מאגען ביי א מעלה גרה'דיגער חיה.

oma'sum *n.* (א-מיי'-סאם) דער דריטער מאגען ביי א מעלה גרה'דיגער חיה. ז. *manyplies*

om'ber *n.* (אמ'-בער) ז. *ombre*

om'brant *a.* (אמ'-ברענט) אין דעקאראציאנס=קונסט — שאטענדיג.

om'bre *n.* (אמ'-בער) לאמבער [א מין קארטען=שפיעל].

om'brograph *n.* (אמ'-ברא-גרעף) אן אויטאמאטישער רעגען=מעסטער. ז. *ombrometer*

ombrolog'ical *a.* (אמ-ברא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו רעגען, רעגען=פאל אדער רעגענדיגען וועטער.

ombrol'ogy *n.* (אמ-בראל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען רעגען; אן אבהאנדלונג וועגען רעגען.

ombrom'eter *n.* (אמ-בראמ'-ע-טער) א רעגען=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די מאס פון א רעגען=פאל].

om'broscope *n.* (אמ'-ברא-סקאופ) א רעגען=מעסטער, לויט וועלכען מען קען מאמענטאן בעשטימען די מאס פון א רעגען=פאל.

ome'ga *n.* (א-מיע'-גא) אמעגא [דער לעצטער בוכשטאב פון דעם גריכישען אלף=בית]; אן ענדע, דאס לעצטע.

om'elet *n.* (אמ'-ע-לעט) אן אמעלעט, א פאנקוכען, אן אייער=קוכען.

o'men *n. and v.* (או'-מען) א צייכען, א פארצייכען, א פארבעדייטונג, עטוואס וואס זאגט פארויס; פאראויסזאגען, פארויסבעדייטען; פארויסזעהן.

o'mened *a.* (או'-מענד) פארויסזאגענד, פארבעדייטענד.

o'mening *n.* (או'-מענ-אינג) פארויס=זאגונג.

omen'tal *a.* (א-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו דער נעץ=הויט. ז. *omentum*

omen'tal fora'men (א-מענ'-טעל פא-ריי'-מען) די עפנונג פון דער גרעסערער צו דער קלענערער פערטיעפונג פון דער בויך=פעל. ז. *peritoneum*

omenti'tis *n.* (או-מענ-טאי'-טים) ענט־צינדונג פון דער נעץ־הויט.
omentum .ז

omen'tum *n.* (א-מענ'-טאם) די נעץ־הויט [דער געדערים־נעץ אדער דער גרייזשיק וואס פאראייניגט דעם מאגען מיט'ן לעבער, מיט'ן מילץ און מיט דער דער גרים־קישקע].

o'mer *n.* (או'-מער) אן עומר.

om'inous *a.* (אמ'-אי-נאס) 1. פארבע־דייטענד, פארויסזאגענד; 2. וואס זאגט פארויס שלעכטס.
2. There was an **ominous** silence in the room. Everybody felt the fight would begin soon.

om'inously *adv.* (אמ'-אי-נאס-לי) פארבעדייטענדיג, פארויסזאגענדיג, אלס פארצייכען; פארויסזאגענדיג שלעכטס.

om'inousness *n.* (אמ'-אי-נאס-נעס) דאס ענטהאלטען א פארבעדייטונג אדער פארויסזאגונג; דאס דינען אלס צייכען אויף שלעכטס.

omis'sible *a.* (א-מיס'-איבל) וואס קען אויסגעלאזען ווערען.

omis'sion *n.* (א-מיש'-אן) אויסלא־זונג, דורכלאזונג; פארזעהען, א פאר־נאכלעסיגונג; עטוואס וואס ווערט אויס־געלאזען.

omis'sive *a.* (א-מיס'-איוו) וואס לאזט אויס, וואס לאזט דורך; פארנאכלעסיגענד.

omis'sively *adv.* (א-מיס'-איוו-לי) אויסלאזענדיג, דורכלאזענדיג; מיט פאר־נאכלעסיגונג.

omit' *v.* (א-מיט') אויסלאזען, דורכלא־זען; פארשווייגען; פארנאכלעסיגען.

omit'tance *n.* (א-מיט'-ענס) פארנאכ־לעסיגונג; דורכלאזונג.
Omittance is no quittance.

omit'ter *n.* (א-מיט'-ער) איינער וואס לאזט אויס, לאזט דורך אדער פארנאכלע־סיגט.

omne'ity *n.* (אמ-ני'-אי-טי) דאס אומ־פאסען, דאס ענטהאלטען אלעס; די געט־ליכקייט.

om'niarch *n.* (אמ'-ני-ארק) דער הער־שער פון דעם וועלט־אל.

omnibenev'olence *n.* (אמ-ני-בי-נעוו'-א-לענס) חסד, גוטסקייט צו אלעמען.

omnibenev'olent *a.* (אמ-ני-בי-נעוו'-א-לענט) וואס איז גוט צו אלעמען, וואס טהוט חסד מיט יעדען.

om'nibus *n. and a.* (אמ'-ני-באס) אן אמניבוס [א פאסאזשיר־וואגען]; אן אמ־ניבוס־לאזשע [אין טעאטער — א גרויסע לאזשע וואס איז אויף איין הויך מיט דער ביהנע און איז פאראייניגט מיט איהר]; אין גלאז־פאבריקאציאן — א בלעך איבער די גלאז־ארטיקלען ביים אבקיהלען; א דינער אין א האטעל אדער רעסטאראן וואס רוימט אב און דעקט די טישען; וואס ענטהאלט אין זיך אלעס אדער א גרויסע צאהל פערשיעדענע זאכען.

om'nibus bill (אמ'-ני-באס ביל) אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געזעץ־פארשלאג, וואס בעשעפטיגט זיך מיט עטליכע פערשיעדענע ענינים.

omnicausal'ity *n.* (אמ-ני-קאה-זעל'-אי-טי) אן אוניווערזאלע אורזאכע; דאס זיין די אורזאכע פון אלעס.

omnicom'petence *n.* (אמ-ני-קאמ'-פי-טענס) אלזייטיגע קאמפעטענץ, געניט־קייט אדער פעהיגקייטען.

omnicom'petent *a.* (אמ-ני-קאמ'-פי-טענט) אלזייטיג קאמפעטענט.

omnicredu'lity *n.* (אמ-ני-קרי-דיו'-לי-טי) אן אונבעשרענקטע נייגונג אלעס צו גלויבען.

omnicred'ulous *a.* (אמ-ני-קרעד'-יו-לאס) וואס גלויבט לחלוטין אלעס.

omni'ety *n.* (אמ-נאי'-ע-טי)
omneity .ז

omnifa'rious *a.* (אמ-ני-פיי'-רי-אס) פון אלערליי מינים.

omnif'erous *a.* (אמ-ניפ'-ע-ראס) וואס פראדוצירט אדער ברייננגט ארוים אלע מינים.

omnif'ic *a.* (אמ-ניפ'-איק) אל־שאפענד, וואס שאפט אלעס.

om'niform *a.* (אמ'-ני-פארם) וואס האט פערשיעדענע פארמען, וואס איז פעהיג אנ־צונעהמען אלערליי געשטאלטען.

omnifor'mal *a.* (אמ-ני-פאר'-מעל)
omniform .ז

omnifor'mity *n.* (אמ-ני-פאר'-מי-טי) פערשיעדען־פארמיגקייט; דאס האבען די פעהיגקייט אנצונעהמען אלערליי געשטאל־טען.

omnig'enous *a.* (אמ-נידזש'-ע-נאס) וואס בעשטעהט פון אלע מינים.

omnig'erent *a.* (אמ-נידזש'-ע-רענט) וואס קען טהאן אלע מינים ארבייט.

om'nigraph *n.* (אמ'-ני-גרעף) אן אפא־ראט, אויף וועלכען מען לערנט זיך טע־לעגראפיע.

omnilin'gual *a.* (אמ-ני-לינ'-גוועל) וואס קען אלע שפראכען.

omnil'oquent *a.* (אמ-ניל'-א-קווענט) וואס רעדט וועגען אלעס.

omnines'cience *n.* (אמ-ני-נעש'-ענס) פאלשטענדיגע אונוויסענהייט.

omnines'cient *a.* (אמ-ני-נעש'-ענט) פאלשטענדיג אונוויסענד.

omnipar'ity *n.* (אמ-ני-פער'-אי-טי) אלגעמיינע גלייכקייט.

omnip'arous *a.* (אמ-ניפ'-ע-ראס) אל־שאפענד, וואס שאפט אדער ברייננגט ארוים אלעס.

omniper'fect *a.* (אמ-ני-פויר'-פעקט) פאלקאמען אין אלע הינזיכטען.

omnip'otence *n.* (אמ-ניפ'-א-טענס) אלמאכט, אלמעכטיגקייט.

omnip'otency *n.* (אמ-ניפ'-א-טענ-סי)
omnipotence .ז

omnip'otent *a.* (אמ-ניפ'-א-טענט) אל־מעכטיג.

Omnip'otent *n.* (אמ-ניפ'-א-טענט) דער אלמעכטיגער, גאט.

omnip'otently *adv.* (אמ-ניפ'-א-טענט-לי) אלמעכטיג, מיט אונבעשרענקטער מאכט.

omnipreg'nant *a.* (אמ-ני-פרעג'-נענט) וואס איז גרייט אלעס ארויסצוברייננגען אדער פראדוצירען.

omnipres'ence *n.* (אמ-ני-פרעז'-ענס) די אל־געגענווארט, אל־אנוועזענהייט, דאס זיין אומעטום.

omnipres'ent *a.* (אמ-ני-פרעז'-ענט) אל־געגענווארטיג, וואס איז אומעטום.

omnipres'ently *adv.* (אמ-ני-פרעז'-ענט-לי) *omnipresent* .ז

omniprev'alence *n.* (אמ-ני-פרעוו'-ע-לענס) אל־הערשונג, אל־ווירקונג, דאס הערשען אדער ווירקען אויף אלעס אדער אומעטום.

omniprev'alent *a.* (אמ-ני-פרעוו'-ע-לענט) אל־ווירקענד, אל־הערשענד.

omnis'cience *n.* (אמ-ניש'-ענס) אל־וויסענהייט, דאס וויסען אלעס.

omnis'cient *a.* (אמ-ניש'-ענט) אל־וויסענד, וואס ווייסט אלעס.

omnis'ciently *adv.* (אמ-ניש'-ענט-לי) מיט אל־וויסענהייט, וויסענדיג אלעס.

om'nium *n.* (אמ'-ני-אם) 1. דער ווערטה פון אלע אקציעס, אויף וועלכע עס ווערט געמאכט א שטאאטס־הלואה; 2. עטוואס וואס בעשעפטיגט אויסשליסליך די געדאנ־קען; 3. אן עטאזשערקע פאר ניפ־זאכען [שעהנע קלייניגקייטען, צאצקעס].
2. My only wish, my **omnium**, is to free my country.

om'nium-gath'erum *n.* (אמ'-ני-אם-געטה'-ע-ראם) א מישמאש.

omniv'agant *a.* (אמ-ניוו'-ע-גענט) וואס וואנדערט אומעטום און איבעראל.

omniv'idence *n.* (אמ-ניוו'-אי-דענס) דאס זיין אל־זעהענד, די פעהיגקייט אלעס צו זעהן אדער צו בעמערקען.

Omniv'ora *n.* (אמ-ניוו'-א-רא) דער מין אלעס־פרעסענדע טהיערע [טהיערע מיט צושפאלטענע קלויען וואס זיינען נים מעלה גרה, ווי למשל, חזירים].

omniv'orous *a.* (אמ-ניוו'-א-ראס) 1. אלעס פרעסענד, וואס עסט אלעס [ווע־גען טהיערע]; 2. וואס פערשלינגט אלעס אהן אן אויסוואהל.
1. Pigs are **omnivorous** animals. 2. He is an **omnivorous** reader.

omniv'orousness *n.* (אמ-ניוו'-א-ראס-נעס) די פעהיגקייט צו פרעסען אלעס [ווע־גען חיות]; די נייגונג צו פערשלינגען אלעס אהן אן אויסוואהל.

omohy'oid *a. and n.* (או-מאו-האי'-איד) וואס איז שייך צום שולטער־בלאט [אקסעל־ביין, לאפעטקע] און צום צונג־ביין [דאס בעווענגליכע ביינדעל וואס ליגענט נעבען גארנעל אונטער'ן צונג]; דער מוס־קעל וואס פאראייניגט דאס שולטער־בלאט מיט'ן צונג־ביין.

omopha'gia *n.* (או-מא-פיי'-דזשי-א) דאס עסען רויהע שפייזען [הויפטזעכליך פלייש].

omophag'ic *a.* (או-מא-פעדזש'-איק) וואס עסט רויהע שפייזען [הויפטזעכליך פלייש].

omoph'agous *a.* (א-מאפ'-ע-גאס)
omophagic .ז

omoph'agus *n.* (א-מאפ'-ע-גאס) איי־נער וואס עסט רויהע שפייזען.

o'moplate *n.* (או'-מא-פלייט) דאס שול־טער־בלאט [די לאפעטקע, דער אקסעל־ביין].

omopla'toscopy *n.* (או-מא-פליי'-טא-סקאו-פי) דאס טרעפען אדער נביאות־זאגען מיט דער הילף פון א שולטער־בלאט [לאפעטקע, אקסעל־ביין].

omoto'cia *n.* (או-מא-טאו'-סי-א) א פריהצייטיגע געבורט, א מפיל.

om'phacine *a.* (אמ'-פע-סין) וואס איז שייך צו אונצייטיגע פרוכט; וואס איז ארויסגעדריקט פון אונצייטיגע פרוכט.

om'phacine oil (אמ'-פע-סין איל) א זאפט אויסגעפרעסט פון גרינע אייל־בער־טען [אליווען].

om'phacite *n.* (אמ'-פע-סאיט) דער אמפאציט [אזא גרינער מינעראל].

omphalelco'sis *n.* (אמ-פע-לעל-קאו'-סיס) א געשוויר אויף'ן נאפעל.

omphal'ic *a.* (אמ-פעל'-איק) וואס איז שייך צום נאפעל.

omphali'tis *n.* (אמ-פע-לאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דעם נאפעל.

om'phalocele *n.* (אמ'-פע-לא-סיל) א נאפעל־ברוך [קילע].

omphalod'ic *a.* (אמ-פע-לאד'-איק)
omphalic .ז

om'phalomancy *n.* (אמ'-פע-לא-מענ-

סי) נביאות לויט דעם ניי־געבוירענעם קינד'ס נאפעל, וויפיעל נאך קינדער די מוטער וועט האבען.

omphalop'agus *n.* (אמ-פע-לאפ'-ע-גאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען וואס זיינען צונויפגעוואקסען צוזאמען ביים נאפעל.

omphalophlebi'tis *n.* (אמ-פע-לא-פלי-באי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם נאפעל־אדער.

omphalorrha'gia *n.* (אמ-פע-לא-ריי'-דזשי-א) בלוט־שטורץ פון'ם נאפעל [הויפטזעכליך ביי נור־וואס געבארענע קינדער].

om'phalos *n.* (אמ'-פע-לאס) דער נאפעל; א מיטעל־קנאפ, א מיטעל־ארויסשטארצונג; א הייליגער שטיין אין דעם טעמפעל פון אפאלא אין דעלפי [אין פארצייטיגען גריכענלאנד], וואס האט כלומר'שט בעצייכענט דעם נאפעל אדער מיטעלפונקט פון דער ערד.

om'phazite *n.* (אמ'-פע-זאיט) ז. *omphacite*

O my! (או מאי) אן אויסרוף פון איבערראשונג.

on *prep., adv. and n.* (אן) אויף; וועגען; מיט; אין; נאך; אין דער ריכטונג; ביי; אונטער, צווישען, פאר; אויף'ן גרונד פון...; אנגעטהאן; אנגעהענדיג; פארט, פארווערטס, ווייטער; נאהענט; אין קריקעט־שפיעל — וואס איז לינקס פון דעם באל־אבשלאגער און רעכטס פון דעם ווארפער; דער טייל פון קריקעט־גרונד לינקס פון דעם באל־אבשלאגער.

on account' (אן ע-קאונט') אויף רעכנונג, אויף קאנטא.
He paid $500 **on account.**

on account' of (אן ע-קאונט' אוו) צוליעב, דורך, ווייל.
He was absent **on account of** sickness.

on'ager *n.* (אנ'-ע-דזשער) א ווילדער עזעל פון צענטראל־אזיען; אן אמאליגע קריעגס־מאשין צום שליידערען שטיינער [געוועזען בענוצט אין מיטעלאלטער].

on all fours (אן אהל פאורז) אויף אלע פיער.

on all hands (אן אהל הענדז) פון אלע זייטען.

on and off (אן ענד אף) פון צייט צו צייט, מיט אונטערברעכונגען.
She has been working for us **on and off** these six years.

o'nanism *n.* (או'-נענ-איזם) אנאניזם [מעשה אונן, הוצאת זרע לבטלה], געשלעכטליכע זעלבסט־בעפרידיגונג דורך ארויסלאזען זרע אהן דעם געשלעכטליכען פערקעהר מיט א פרוי.

o'nanist *n.* (או'-נענ-איסט) אן אנאניסט, איינער וואס פראקטיצירט געשלעכטליכע זעלבסט־בעפרידיגונג.

onanis'tic *a.* (או-נע-ניס'-טיק) אנאניסטיש. ז. *onanism*

on arm (אן ארם) געארמט, אונטער'ן ארם.
He walked with his wife **on** his **arm.**

on a sud'den (אן ע סאדן) פלוצלונג, מיט איין מאל.

on board (אן באורד) אויף'ן דעק [פון א שיף]; אויף א שיף, אויף אן אייזענבאהן־צוג.

once *adv. and c.* (הוואנס) איין מאל; אמאל [אין דער פערגאנגענהייט אדער אין דער צוקונפט]; אימער, ווען־עס־איז, ביי וועלכער ניט איז געלעגענהייט; באלד; ווען, אזוי שנעל ווי, באלד ווי.

once and again' (הוואנס ענד ע-גען') ווידערהאלענד, נאך אמאל און נאך אמאל.

once for all (הוואנס פאר אהל) איין מאל פאר אלע מאל.

once in a way (הוואנס אין ע הוויי) איין מאל און ניט מעהר; ביי איין געלעגענהייט; ביי זעלטענע געלעגענהייטען.

once in a while (הוואנס אין ע הוואיל) ווען ניט ווען, פון צייט צו צייט, צייטענווייז, אמאל.

once more (הוואנס מאור) נאך איין מאל.

once upon' a time (הוואנס א-פאן' ע טאים) אמאל, לאנג צוריק.

on'cograph *n.* (אנ'-קא-גרעף) א פאר־ריכטונג צו מעסטען די ענדערונגען אין דער אויסדעהנונג [ווי פון דער גאל, פון די ניערען א. ד. ג.].

oncol'ogy *n.* (אנ-קאל'-א-דזשי) דער טייל פון מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט געשווילעכצען.

on'come *n.* (אנ'-קאם) דער אנפאנג פון אן אונטערנעהמונג [הויפטזעכליך פון אזא וואס פאדערט פיעל אנשטרענגונג]; אן אנפאל [ווי פון א קראנקהייט].

oncom'eter *n.* (אנ-קאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די ענדערונגען אין דער אויסדעהנונג פון אזעלכע קערפער־טיילען ווי די גאל, די ניערען א. ז. וו.; דער טייל פון אזא אינסטרומענט וואס ווערט צוגעלעגט צום קערפער־ארגאן, וועלכער ווערט אונטערזוכט.

on'-com'ing *a. and n.* (אנ'-קאמ'-אינג) זיך דערנעהנטערענד, קומענד; דערנעהנטערונג; דאס קומען.

oncosim'eter *n.* (אנ-קא-סימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געדיכטקייט פון צושמאלצענע מעטאלען.

oncot'omy *n.* (אנ-קאט'-א-מי) אן איינשניט אין א געשווילעכץ.

on'dine *n.* (אנ'-דין) די אונדינע, א וואסער־גייסט.

on dit (אהן דיע) מען זאגט; א קלאנג, א גערעד.

ondoyant' *a.* (אנ-דוא-יאן') וואס האט א וועלען־פערמיגע אויבערפלעכע.

on du'ty (אן דיו'-טי) אין דיענסט, אויף דער וואך.

one *a., n. and pr.* (הוואן) איינער, איינע, איינס; איינציג; געוויסער [מענש]; אימעצער, עפעס [געברויכט אנשטאט הויפטווערטער]; די צאהל איינס, די ציפער 1.

One *n.* (הוואן) דער איינציגער, גאט.

one and all (הוואן ענד אהל) יעדער איינער.

one and all with (הוואן ענד אהל הוויטה) הויך געשעצט פון אימעצען, דאס אויבערשטע פון שטויסעל ביי אימעצען.
Our secretary is **one and all with** our entire society.

one'-and-thir'ty *n.* (הוואנ'-ענד-טהויר'-טי) איין־און־דרייסיג [אזא קארטען־שפיעל].

one anoth'er (הוואן ענ-אטה'-ער) איינער דעם צווייטען.
The three sisters love **one another.**

one'-ber'ry *n.* (הוואנ'-בער'-אי) די וואלפס־יאגדע. ז. ***herb-paris***

one by one (הוואן באי הוואן) כסדר, איינציגווייז, איינער נאך'ן אנדערען.

one day (הוואן דיי) אין א געוויסען טאג; אמאל.

one'-er *n.* (הוואנ'-ער) ז. *oner*

one'-eyed *a.* (הוואנ'-איד) איין־אויגיג, מיט איין אויג; וואס זעהט נור אויף איין אויג.

one'-han'ded *a.* (הוואנ'-הענ'-דעד) איין־הענדיג, מיט איין האנד; וואס קען געברויכט ווערען מיט דער הילף פון איין האנד.

one'-horse *a.* (הוואנ'-האהרס) 1. געשלעפט פון איין פערד; 2. וואס בענוצט זיך נור מיט איין פערד, וואס פערמאגט נור איין פערד; 3. ארעם, קליין, אונבעדייטענד.
1. A **one-horse** plow. 2. **One-horse** farmers have to struggle with the inconvenience of borrowing horses. 3. A **one-horse** business.

one'-ide'aed *a.* (הוואנ'-אי-דיע'-עד) וואס ווערט בעהערשט פון איין־איינציגען געדאנק.

onei'rocrite *n.* (א-נאי'-רא-קראיט) ז. *oneiroscopist*

oneirocrit'ic *a. and n.* (א-נאי-רא-קריט'-איק) וואס קען פותר חלום זיין, וואס קען אויסטייטשען חלומות; א פותר חלום, א חלומות־אויסטייטשער.

oneirocrit'ical *a.* (א-נאי-רא-קריט'-אי-קעל) וואס קען פותר חלום זיין, וואס טייטשט אוים חלומות.

oneirocrit'icism *n.* (א-נאי-רא-קריט'-אי-סיזם) ז. *oneirocritics*

oneirocrit'ics *n.* (א-נאי-רא-קריט'-איקס) פתרון חלומות, די קונסט אויסצוטייטשען חלומות.

oneirodyn'ia *n.* (א-נאי-רא-דינ'-אי-א) שווערע, דריקענדע חלומות; א קאשמאר.

oneirol'ogist *n.* (אנ-אי-ראל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום פון חלומות.

oneirol'ogy *n.* (אנ-אי-ראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען חלומות; אן אבהאנדלונג וועגען חלומות.

onei'romancy *n.* (א-נאי'-רא-מענ-סי) נביאות־זאגען דורך חלומות; פתרון חלומות.

onei'roscopist *n.* (א-נאי'-רא-סקאו-פיסט) א פותר חלום, א חלומות־אויסטייטשער.

onei'roscopy *n.* (א-נאי'-רא-סקאו-פי) פתרון חלומות, חלומות־אויסטייטשונגען.

on end (אן ענד) 1. אויף'ן עק, אויף'ן ענד; 2. אהן אויפהער, כסדר.
1. Place the log **on end.** 2. He looked out of the window for two hours **on end.**

one'ness *n.* (הוואנ'-נעס) 1. איינציגקייט, איינהייט; 2. גלייכקייט, איינפערמיגקייט, זעלביגקייט.
1. The **oneness** of God. 2. The laws of nature have a decided **oneness** in their diversity.

one or oth'er (הוואן אהר אטה'-ער) דער אדער יענער, וועלכער ניט איז; אהן אויסנאהמע.

on'er *n.* (הוואנ'-ער) דער ריכטיגער מענש צו עפעס, דער איינציגער אין פאך, א פאכמאן, איינער וואס איז שטארק איבערגעגעבען צו עפעס, איינער וואס איז אונערמיעדליך אין א שטרעבונג אדער בעשעפטיגונג.

on'erate *v.* (אנ'-ע-רייט) בעלעסטיגען, פאלען צו לאסט, דריקען; בעלאדען.

onera'tion *n.* (אנ-ע-ריי'-שאן) בעלאדונג; בעלעסטיגונג.

on'erous *a.* (אנ'-ע-ראס) לעסטיג, בעלעסטיגענד, דריקענד.

on'erously *adv.* (אנ'-ע-ראס-לי) אויף א בעלעסטיגענדען, דריקענדען אופן.

on'erousness *n.* (אנ'-ע-ראס-נעס) לעסטיגקייט, דאס פאלען צו לאסט, דאס זיין דריקענד.

oneself' *pr.* (הוואנ-סעלף') ער זעלבסט, זי זעלבסט, עס זעלבסט; זיך זעלבסט.

one'-si'ded *a.* (הוואנ'-סאי'-דעד) איינזייטיג; פארטייאיש; ענטוויקעלט צו איין

זייט, אומגעקעהרט צו איין זייט [וועגען פלאנצען].

one′-si′dedly *adv.* (הוואן-סאי'-דעד-לי) מיט איינזייטיגקייט; אויף א פאר־טייאישען אופן.

one′-si′dedness *n.* (הוואן-סאי'-דעד-נעס) איינזייטיגקייט, פארטייליכקייט.

one's own self (הוואנז און סעלף) די אייגענע פערזאן; די אייגענע פערזענ־ליכקייט.

one's self (הוואנז סעלף) *oneself* ז.

one too man′y (הוואן טוה מענ'-אי) איינער צופיעל, איינער איבריג.

on e′ven ground (אן איוון גראונד) 1. אויף'ן פלאכען בארדען, אויף'ן גלייכען בארדען; 2. מיט די גלייכע פארטיילע אדער מעגליכקייטען; גלייך.
1. The battle was fought **on even ground.**
2. **On even ground** I am ready to fight on.

on eve′ry account′ (אן עוו'-רי ע-קאונט') אין יעדען פאל.

on eve′ry side (אן עוו'-רי סאיד) אומעטום.

one with (הוואן הוויטה) גלייך צו..., דאסזעלבע וואס...

on′fall *n.* (אנ'-פאהל) אן אנפאל, אן איבערפאל; א רעגען־פאל, א שנעע־פאל; דאס אנקומען פון אבענד.

on file (אן פאיל) געארדענט נאך דער רייהע נאך; רעגיסטרירט.

on fire (אן פאיר) אין פייער, אין פלא־מען, ברענט.

on foot (אן פוט) צופוס; אויף די פיס, געזונד.

on′going *n. and a.* (אנ'-גאו-אינג) דאס אנגעהן וויטער, פארטשרייטען; וואס געהט ווייטען אן.

on′goings *n.* (אנ'-גאו-אינגז) פאסירונ־גען, געשעהענישען.

on hand (אן הענד) 1. אנגעגרייט, אין פאראטע, אין זאפאס; 2. אויף'ן פלאץ, צו דער האנד.
1. The store has too much stock **on hand.**
2. He was **on hand** promptly.

on′-hang′er *n.* (אנ'-הענג'-ער) א נאכ־שלעפער, א נאכפאלגער.

on high (אן האי) אין דער הויך, אויבען, אין דער לופטען.

on horse′back (אן האהרס'-בעק) רייי־טענדיג.

onic′olo *n.* (א-ניק'-א-לאו) א מין אניקס. ז. *onyx*

on′ion *n.* (אנ'-יאן) א ציבעלע.

on′ion-eyed *a.* (אנ'-יאן-איד) וואס האט טרעהרענדיגע אויגען.

on′ion-fly *n.* (אנ'-יאן-פלאי) די ציבע־לע־פליג [א אינזעקט, וועמעס לארווע אדער ווערימלעך, פון וועלכע עס ענטוויי־קעלט זיך דער אינזעקט, שפייזען זיך מיט ציבעלעס].

on′ion-mag′got *n.* (אנ'-יאן-מעג'-אט) די לארווע פון דער ציבעלע־פליג. ז. *onion-fly*

on′ion-skin *n.* (אנ'-יאן-סקין) אזא דין, דורכזיכטיג פאפיער.

on′iony *a.* (אנ'-יאן-אי) עהנליך צו צי־בעלע, וואס האט א ציבעלע־גערוך.

oni′rocrite *n.* (א-נאי'-רא-קראיט) ז. *oneiroscopist*

onirocrit′ic *a. and n.* (א-נאי-רא-קריט'-איק) ז. *oneirocritic*

Onis′cus *n.* (א-נים'-קאס) דער מין האלץ־לייז [אזעלכע אינזעקטען].

on it (אן איט) פון דעם, אויף דעם; זיין גרייט; זיין גרייט צו א געשלעג אדער קריעג.

onkot′omy *n.* (אנ-קאט'-א-מי) ז. *oncotomy*

on′lay *n.* (אנ'-ליי) עטוואס וואס ווערט אויפגעלעגט [הויפטזעכליך וועגען רע־ליעפע בעציערונגען].

on′liness *n.* (אונ'-לי-נעס) איינציגקייט.

on′looker *n.* (אנ'-לוק-ער) א צוקוקער, א צוזעהער, א צושויער.

on′looking *n.* (אנ'-לוק-אינג) פארויס־זעהונג.

on′ly *a., adv., prep. and c.* (אונ'-לי) איינציג; אליין; אויסערגעוועהנליך, ספעצי־על; בלויז, נור; ניט מעהר; ערשט.

on′ly son (אונ'-לי סאן) אן איינציגער זוהן, א בן יחיד.

on my part (אן מאי פארט) פון מיינעטוועגען, פון מיין זייט.

onocen′taur *n.* (אנ-א-סענ'-טאהר) אן אנאצענטאוור [א מין צענטאוור וואס איז האלב־מענש, האלב־עזעל]. ז. *centaur*

on′omancy *n.* (אנ'-א-מענ-סי) נביאות־זאגען נאך'ן נאמען.

onoman′tic *a.* (אנ-א-מענ'-טיק) וואס איז שייך צו נביאות־זאגען נאך'ן נאמען; פארויסזאגען לויט נעמען אדער לויט בוכשטאבען פון נעמען.

onoman′tical *a.* (אנ-א-מענ'-טי-קעל) ז. *onomantic*

onomas′tic *a.* (אנ-א-מעס'-טיק) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון א נאמען; וואס איז שייך צו אן אונטער־שריפט אויף א דאקומענט, וועלכער איז געשריבען ניט פון דעמזעלבען, וואס האט דעם דאקומענט אונטערגעשריבען; וואס איז שייך צו אזא דאקומענט.

onomas′ticon *n.* (אנ-א-מעס'-טי-קאן) א נעמען־פערצייכניס, א ווערטער־פער־צייכניס [אין אלפאבעטישער ארדנונג], א ווערטערבוך.

onomas′ticum *n.* (אנ-א-מעס'-טי-קאם) ז. *onomasticon*

on′omatechny *n.* (אנ'-א-מע-טעק-ני) נביאות־זאגעריי לויט א נאמען.

onomatol′ogy *n.* (אנ-א-מע-טאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען נעמען; די ספעציעלע נעמען און אויסדריקע פון א בעשטימטער צווייג פון דער וויסענשאפט, די נאמענקלאטור.

on′omatope *n.* (אנ'-א-מע-טאופ) אן אנאמאטאפעיש ווארט [א ווארט אדער נאמען וואס מאכט נאך דעם קלאנג פון א געוויסער זאך אדער בעשעפעניש, ווי קוקוק, זשומען א. ד. ג.].

onomatopœ′ia *n.* (אנ-א-מעט-א-פי'-יא) אנאמאטאפעיא, קלאנגען־נאכאהמונג, די בילדונג פון ווערטער וואס מאכען נאך די קלאנגען פון זאכען אדער בעשעפעני־שען [ווי קוקוק, זשומען א. ז. וו.]; דער געברויך פון ווערטער, מיט וועלכע מען מאכט נאך אימעצען אדער עפעס.

onomatopœ′ic *a.* (אנ-א-מעט-א-פי'-איק) אנאמאטאפעאיש. ז. *onomatopœia*

onomatopoe′sis *n.* (אנ-א-מעט-א-פא-אי'-סים) ז. *onomatopœia*

onomatopoet′ic *a.* (אנ-א-מעט-א-פא-עט'-איק) ז. *onomatopœic*

onomatopoet′ically *adv.* (אנ-א-מעט-א-פא-עט'-אי-קעל-אי) אנאמאטאפע־איש. ז. *onomatopœia*

onomatopoie′sis *n.* (אנ-א-מעט-א-פאי-אי'-סים) ז. *onomatopœia*

on one hand (אן הוואן הענד) פון איין זייט.

on one's own hook (אן הוואנז און הוק) אויף'ן אייגענעם חשבון, אויף דער אייגענער ריזיקע.

on one's pins (אן הוואנז פינז) לעבט און איז געזונד, אין א גוטען געזונד־צו־שטאנד.

on pain of (אן פיין און) אונטער דער מורא פאר א שטראף.
Employees must not handle this machinery **on pain of** dismissal.

on pur′pose (אן פויר'-פאס) אבזיכט־ליך, בכוון.
I did not mail this letter **on purpose.**

on rec′ord (אן רעק'-ארד) אויף דער ליסטע, פערשריבען, רעגיסטרירט; אויף'ן נאמען, אויף דער רעפוטאציע.

on′rush *n.* (אנ'-ראש) א שנעלער לויף אדער שטוים פארווערטס; א שטארקער אדער שנעלער אנפאל.

on sec′ond thought (אן סעק'-אנד טהאהט) ביי א טיעפערען נאכדענקען, נאך אן איבערלעגונג.

on′set *n.* (אנ'-סעט) אן אנפאל, אן אנ־גריף; א שטורם, אן אטאקע; א צוגאב צו עפעס אלס בעציערונג.

on′shore′ *adv. and a.* (אנ'-שאור') 1. צום ברעג־צו; 2. וואס געפינט זיך אויף'ן ברעג, וואס געהט צום ברעג־צו.
1. The wind blew **onshore.** 2. An **onshore** wind.

on short no′tice (אן שאהרט נאו'-טים) אין גיכען, אין א קורצער צייט.

on′side *n. and adv.* (אנ'-סאיד) אין קריקעט־שפיעל — די זייט רעכטס פון דעם וואס ווארפט דעם באל; אויף דער ריכ־טיגער זייט [אין באל־שפיעל].

on′slaught *n.* (אנ'-סלאהט) אן אנגריף, אנפאל, שטורם, אטאקע.

onst *adv.* (הוואנסט) ז. *once*

on't (אנט) פערקירצונג פון *on it*

on the alert′ (אן טהי ע-לוירט') וואכ־זאם, אויפמערקזאם.
The guard was **on the alert** for signs of the enemy.

on the cards (אן טהי קארדס) 1. לויט דער פראגראם; אויף דער פראגראם; 2. מעגליך, וואהרשיינליך.
2. It is **on the cards** that the workingmen will go on strike.

on the car′pet (אן טהי קאר'-פעט) בעטראכט, בעשפראכען [וועגען אן ענין].

on the cash sys′tem (אן טהי קעש סים'-טעם) נור פאר מזומן.

on the con′trary (אן טהי קאנ'-טרע-רי) אין געגענטייל.

on the face of (אן טהי פיים און) אויף'ן בליק, לויט ווי עם שיינט.

on the latch (אן טהי לעטש) פערמאכט [אויף דער קליאמקע], צוגעמאכט, צו־געשלאסען.

on the lay (אן טהי ליי) לויערענדיג.

on the make (אן טהי מייק) אויף'ן וועג פערפערטיגט צו ווערען; זיך יאגענד נאך פראפיטען.

on the mend (אן טהי מענד) אויף'ן וועג פון ערהאלונג אדער פערבעסערונג.

on the nail (אן טהי נייל) גלייך, תיכף, אויף'ן ארט.

on the nose (אן טהי נאוז) אויף דער וואך.

on the old lines (אן טהי אולד לאינז) נאך דער אלטער מעטאדע.

on the oth′er hand (אן טהי אטה'-ער הענד) פון דער אנדערער זייט.

on the point of (אן טהי פאינט און) גרייט [עפעס צו טהאן].

on the qui′et (אן טהי קהוואי'-עט) אב־געזונדערט, בעהאלטען; שטילערהייד.

on the rocks (אן טהי ראקס) גענענט אין געלד.

on the shelf (אן טהי שעלף) אוועקגעלעגט אויף דער פאליצע, אוועקגעלעגט אין דער לאנגער באנק.

on the sly (אן טהי סלאי) שטילערהייד, אין געהיים; אויף א גנב'ישען אופן.

on the spree (אן טהי ספריע) פרעהליך, פיהרענדיג א פרעהליך לעבען.

on the square (אן טהי סקוועהר) 1. אונטער א רעכטען ווינקעל, גראד; 2. אויף גלייכע בעדינגונגען; 3. עהרליך.
1. Cut the cloth **on the square!**

on the way (אן טהי הוויי) אונטערוועגס, אויף'ן וועג צו..., דערנעהנטערענדיג זיך צו עפעס.

on the wing (אן טהי הווינג) 1. בעת'ן פליהען; 2. אין בעוועגונג, רייזענדיג, טהעטיג, בעשעפטיגט; 3. אנטלויפענדיג, פערשווינדענדיג.
1. He shot the bird **on the wing.** 2. I was pretty much **on the wing,** in New York, Philadelphia, and elsewhere. 3. Your wits are all **on the wing.**

on'to *prep.* (אנ'-טו) צו; אין; מיט; אויף.

ontogen'esis *n.* (אנ-טא-דזשענ'-ע-סיס) אין ביאלאגיע — אנטאגענעזיס [די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון אן איינצעלנעם ארגאניזם].

ontogenet'ic *a.* (אנ-טא-דזשי-נעט'-איק) אין ביאלאגיע — אנטאגענעטיש, וואס איז שייך צו אנטאגענעזיס [די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון אן איינצעלנעם ארגאניזם].

ontogenet'ical *a.* (אנ-טא-דזשי-נעט'-אי-קעל) ז. *ontogenetic*.

ontogenet'ically *adv.* (אנ-טא-דזשי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אנטאגענעטישען אופן. ז. *ontogenesis*.

ontogen'ic *a.* (אנ-טא-דזשענ'-איק) ז. *ontogenetic*.

ontogen'ically *adv.* (אנ-טא-דזשענ'-אי-קעל-אי) ז. *ontogenetically*.

ontog'enist *n.* (אנ-טאדזש'-ע-ניסט) איינער וואס שטודירט די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון איינצעלנע לעבעדיגע ארגאניזמען.

ontog'eny *n.* (אנ-טאדזש'-ע-ני) ז. *ontogenesis*.

ontolog'ic *a.* (אנ-טא-לאדזש'-איק) ז. *ontological*.

ontolog'ical *a.* (אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל) אנטאלאגיש. ז. *ontology*.

ontolog'ical ar'gument (אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל אר'-גיו-מענט) דער אנטאלאגישער בעווייז. ז. *ontological proof*.

ontolog'ically *adv.* (אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף אן אנטאלאגישען אופן. ז. *ontology*.

ontolog'ical proof (אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל פרוהף) דער אנטאלאגישער בעווייז וועגען דער עקזיסטענץ פון גאט [די בעהויפטונג, אז די עקזיסטענץ פון גאט ווערט בעוויזען פון דעם בעגריף וואס מיר האבען וועגען גאט].

ontol'ogism *n.* (אנ-טאל'-א-דזשיזם) אין טעאלאגיע — די לעהרע, אז דער בעגריף וועגען גאט איז אן איינגעבוירענער ביי מענשען.

ontol'ogist *n.* (אנ-טאל'-א-דזשיסט) אן אנטאלאג, איינער וואס שטודירט אנטאלאגיע. ז. *ontology*.

ontol'ogize *v.* (אנ-טאל'-א-דזשאיז) שטודירען אנטאלאגיע. ז. *ontology*.

ontol'ogy *n.* (אנ-טאל'-א-דזשי) די וועזען=לעהרע; דער טייל פון מעטאפיזיק, וואס בעשעפטיגט זיך מיט די הויפט יסודות פון זיין אדער עקזיסטענץ.

ontos'ophy *n.* (אנ-טאס'-א-פי) ז. *ontology*.

o'nus *n.* (או'-נאס) א לאסט; די בעווייז=לאסט, די פליכט צו בעווייזען.

o'nus proban'di (או'-נאס פרא-בענ'-דאי) די בעווייז=לאסט, די פליכט צו בעווייזען.

on'ward *adv. and a.* (אנ'-הווארד) 1. פארווערטס, פארויס; 2. ווייטער [אין צייט]; 3. וואס געהט פארווערטס, פראגרעסירענד.
2. From this time **onward** we shall have good order in our city.

on'wards *adv.* (אנ'-הווארדז) פארווערטס, פארויס; ווייטער [אין צייט].

on'ycha *n.* (אנ'-אי-קא) דער שמעקעדיגער מאלוסק [שחלת, די שאלעכץ פון א מין מאלוסק וואס גיט ארויס ביים ברענען אן אנגענעהמען גערוך]; דער אניקס [א מין טייערער שטיין].

on'yx *n.* (אנ'-איקס) דער אניקס [א מין טייערער שטיין].

onyx'is *n.* (א-ניק'-סיס) אן איינוואקסענדער נאגעל.

on'za de o'ro (אנ'-זא דיי או'-ראו) אן אלטע גרויסע גאלדענע מטבע פון אייניגע זיד=אמעריקאנישע רעפובליקען [האט געהאט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 16 דאלאר].

oogen'esis *n.* (או-א-דזשענ'-ע-סיס) די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון אן איי.

oog'eny *n.* (א-אדזש'-ע-ני) ז. *oogenesis*.

ooi'dal *a.* (א-אי'-דעל) אייער=פערמיג, עהנליך צו אן איי.

o'olite *n. and a.* (או'-א-לאיט) דער אאליט, דער רייגען=שטיין [א מין קערנדיגער שטיין]; אאליטיש; פון אאליט.

oolit'ic *a.* (או-א-ליט'-איק) וואס איז שייך צום אאליט אדער רייגען=שטיין, וואס בעשטעהט אדער איז געמאכט פון אאליט.

oolog'ic *a.* (או-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען פויגעל=אייער.

oolog'ical *a.* (או-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *oologic*.

oolog'ically *adv.* (או-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט דער וויסענשאפט פון פויגעל=אייער; נאך די פערשיעדענהייטען פון די אייער.
Birds are often classified **oologically.**

ool'ogist *n.* (א-אל'-א-דזשיסט) איינער וואס שטודירט אאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען פויגעל=אייער].

ool'ogy *n.* (א-אל'-א-דזשי) די אייער=לעהרע, די וויסענשאפט וועגען פויגעל=אייער; די ענטוויקלונג פון א פויגעל.

oo'long *n.* (אוה'-לאנג) א מין שווארצע טהעע.

oo'miak *n.* (אוה'-מי-עק) א גרויסע שיף פון פעל [ביי די עסקימאסען].

oo'pak *n.* (אוה'-פעק) א מין שווארצע טהעע.

ooze *n. and v.* (אוהז) שיטערע בלאטע; שליים; זומפיגע ערד אדער ליים; דאס שטילע פליסען, דאס רינען, דאס טריפען; א מין שטאף צו גארבען פעל; שטיל פליסען, רינען, טריפען, קאפען.

oo'zing *n.* (אוה'-זינג) דאס שטילע פליסען; דאס טריפען אדער קאפען.

Oözo'a *n.* (או-א-זאו'-א) די איינצעליגע בעשעפענישען [ווי די אינפוזאריען א. ד. ג.].

oözo'an *n.* (או-א-זאו'-ען) אן איינצעליגע בעשעפעניש [ווי אן אינפוזאריע א. ד. ג.].

oo'zy *a.* (אוה'-זי) בלאטיג, שליימיג; טריפענד; קאפענד.

opa'cate *v.* (א-פיי'-קייט) פערפינסטערען; בעדעקען מיט א שאטען; מאכען טונקעל; פערוואלקענען.

opac'ity *n.* (א-פעס'-אי-טי) אונדורכזיכטיגקייט, דונקעלקייט, פינסטערקייט; דאס זיין פערצויגען ווי מיט א וואלקען אדער כמארע.

opa'cous *a.* (א-פיי'-קאס) אונדורכזיכטיג, טונקעל.

o'pal *n.* (או'-פעל) דער אפאל [אזא מינעראל וועלכער געפינט זיך אין פערשיעדענע קאלירען. געוויסע זארטען פון אפאל ווערען געשעצט אלס טייערער עדעלשטיין צוליעב דער שעהנקייט און פערשיעדנארטיגקייט פון זייערע קאלירען, וועלכע שפיגלען זיך אב אין זיי]. ז. איל. *"Gems"*

opales'cent *a.* (או-פע-לעס'-ענט) מילך=ווייס [ווי געוויסע אפאלען]; וואס האט פערענדערליכע און פערשיעדנארטיגע קאלירען ווי דער אפאל. ז. *opal*

opales'cent glass (או-פע-לעס'-ענט גלעס) גלאז וואס שפיגעלט זיך אב מיט פערשיעדענע קאלירען ווי אן אפאל. ז. *opal*

o'pal glass (או'-פעל גלעס) ז. *opalescent glass*

o'paline *a. and n.* (או'-פע-לין) וואס איז שייך צו אן אפאל; דאס מילך=גלאז [א מין האלב=דורכזיכטיג גלאז פון ווייס=בלויליכען קאליר].

opaque' *a., v. and n.* (א-פייק') אונדורכזיכטיג, טונקעל: מאכען אונדורכזיכטיג אדער טונקעל: אונדורכזיכטיגקייט; טונקעלקייט.

opaque'ly *adv.* (א-פייק'-לי) אויף אן אונדורכזיכטיגען אדער טונקעלען אופן.

opaque'ness *n.* (א-פייק'-נעס) אונדורכזיכטיגקייט; טונקעלקייט.

opei'doscope *n.* (א-פאי'-דא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו אילוסטרירען קלאנגען דורך ליכט=שטראהלען.

o'pen *a., n. and v.* (אופן) אפען; דורכזיכטיג; ניט פערשלאסען, ניט פערמאכט אדער פער'חתמ'עט; אפען פאר אלעמען, ניט בסוד; ענטבלויזט, אונבעדעקט: אויסגעזועצט, אויסגעשטעלט [צו שאנדע א. ד. ג.]; אין מוזיק — פריי, ניט אנגעדריקט מיט'ן פינגער [וועגען א סטרונע]; אין גראמאטיק — אפען, מיט אן אפענעם מויל [וועגען דער אויסשפראך פון געוויסע וואקאלען אדער זילבען]; מילד [וועגען וועטער]; פריי, אונבעזעצט, וואקאנט [וועגען א פלאץ אדער א שטעלע]; אפען, ניט בעשלאסען, ניט בעשטימט [וועגען א פראגע, א מיינונג א. ד. ג.]; עפענטליך, פאר אלעמען; אפענבאר, קלאר, אויגענשיינליך; אפענהערציג, פריימיטיג, אויפריכטיג; אונפערשטעלט; אן אפענער אדער ריינער פלאץ; עפענען, אויפדעקען, מאכען אפען; אויפשליסען; אויספאקען; אויפטרענען; פאנאנדערטיילען, צושפאלטען; בעפרייען פון שטערונגען; ערעפנען, אנהויבען [א פערזאמלונג, א זיצונג א. ד. ג.]; ערקלערען;

בעקאנט מאכען; מיטטיילען; זיך עפענען; אויפגעהן; זיך ציינען; לאנגזאם ארויסטרעטען אדער ערשיינען; ווערען קלאר אדער דייטליך; אנהויבען בילען [ווען א יאגד-הונד דערזעהט די חיה אדער דעם פויגעל].

o'penable *a.* (או'פנ-עבל) וואס קען זיך עפענען אדער אויפמאכען.

o'pen account' (אופן ע-קאונט') די לויפענדע רעכנונג, אן אפענע קאנטא [א באנק-אפעראציאן וואס בעשטעהט אין דעם, אז די באנק צאהלט פאר א געוויסע פערזאן פון די סומען, וואס זי האט איינגעלעגט אדער פון קרעדיט, אויף וויפיעל די באנק גיט איהר].

o'pen-air' *a.* (או'פנ-עהר') וואס קומט פאר אונטער'ן פרייען הימעל.

o'pen an account' (אופן ען ע-קאונט') עפענען א קאנטא, געבען קרעדיט.

o'penbill *n.* (או'פנ-ביל) אזא שטארך מיט אן אפענעם שנאבעל.

Openbill

o'pen cred'it (אופן קרעד'-איט) אפענער קרעדיט [א קרעדיט וואס ווערט געגעבען צו א פערזאן אויף א געוויסער סומע, וועלכע ער קען נעהמען, ווען ער בעדארף עס, כאטש ער האט אויף דעם קיינע ערבות ניט געגעבען].

o'pen cut (אופן קאט) א גראבען, וואס איז פון אויבען אפען, ווי א קאנאווע, א רינע א. ד. ג. [אין געגענזאץ צו א טונעל].

o'pen door (אופן דאור) אן אפענע טהיר [די פאליטישע ריכטונג אדער די פאדערונג צו געבען אין א לאנד אלע נאציאנען גלייכע האנדעלס-פריווילעגיען].

o'pener *n.* (או'פנ-ער) אן עפנער; א געצייג וואס דיענט צו עפענען עפעס.

o'pen-eyed *a.* (או'פנ-איד) וואכזאם, מיט אפענע אויגען.

o'pen-han'ded *a.* (או'פנ-הענ'-דעד) פרייגיביג, מיט אפענע הענד [אין גיבען צדקה]; וואס רודערט [אויף א שיף] מיט צוויי רודערס אין ביידע הענד.

o'pen-han'dedness *n.* (או'פנ-הענ'-דעד-נעס) פרייגיביגקייט, ברייטקייט [אין געבען צדקה].

o'pen-hear'ted *a.* (או'פנ-האר'-טעד) אויפריכטיג, אפענהערציג.

o'pen-hear'tedly *adv.* (או'פנ-האר'-טעד-לי) אויף אן אויפריכטיגען, אפענהערציגען שטייגער.

o'pen-hear'tedness *n.* (או'פנ-האר'-טעד-נעס) אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט.

o'pen house (אופן האוס) א הויז, וואו מען נעהמט אויף גאסטפריינדליך יעדען אריינקומענדען.

They are hospitable people. They keep **open house** for all their friends.

o'pening *n.* (או'פנ-אינג) דאס עפענען; אן עפענונג, אן אנפאנג, אן אנהויב; אן אריינגאנג; אן אפענער פלאץ; אן ארט וואס איז וועניג בעוואקסען מיט בוימער; א געלעגענהייט; אן אויסזיכט; אין געריכטס-פיהרונג — דאס ערשטע ארויסטרעטען פון אדוואקאט פאר דער אנקלאגע אדער אנגעקלאגטען איידער ער ברייננט זיינע ראיות און עדות; אין שאך-שפיעל — די ארט ווי אזוי דאס שפיעל פאנגט זיך אן.

o'pening speech (או'פנ-אינג ספיעטש) די ערעפנונגס-רעדע.

The chairman made the **opening speech** of the debate.

o'penly *adv.* (או'פנ-לי) עפענטליך; אפען, אפענהערציג.

The man **openly** defied the policeman who tried to arrest him.

o'pen-min'ded *a.* (או'פנ-מאינ'-דעד) מיט א פרייען געדאנק; אהן פאראורטייל; פרייזיניג, ליבעראל.

o'pen-min'dedness *n.* (או'פנ-מאינ'-דעד-נעס) פרייזיניגקייט; פרייהייט פון פאראורטיילען; אפענהערציגקייט.

o'pen-mouthed *a.* (או'פנ-מאוטהט) מיט אן אפענעם מויל; האווקענד, בילענד, שרייענד; גיעריג איינצובייסען מיט די צייהנער.

o'penness *n.* (או'פנ-נעס) אפענקייט; אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט; מילדקייט, אנגענעהמקייט [פון ווערטער].

o'pen pol'icy (אופן פאל'-אי-סי) א פערזיכערונגס-שיין, וואו דער ווערטה פון שיף אדער סחורה איז ניט אנגעגעבען.

o'pen ques'tion (אופן קהוועס'-טשאן) אן אפענע פראגע [א פראגע וואס איז נאך ניט ענטשיעדען געווארען].

o'pen sea'son (אופן סיעזן) די צייט ווען עס איז געזעצליך ערלויבט צו געהן אויף יאגד, כאפען פיש א. ד. ג.

o'pen-ses'ame *n.* (או'פנ-סעס'-ע-מי) א כישוף-ווארט, דורך וועלכען געהיימע טהירען קענען זיך עפענען [ווי אין די מעשיות פון "טויזענד און איין נאכט"].

o'pen the budg'et (אופן טהי באדזש'-עט) פארלעגען פאר די געזעצגעבערישע קערפערשאפטען דעם בודזשעט [די הוצאות און הכנסות פון דער רעגיערונג].

o'pen town (אופן טאון) אן אונבעפעסטיגטע שטאדט; א שטאדט, וואו מען היט ניט די געזעצע געגען שענקען, אזארטנע שפיעלען א. ז. וו.

o'pen up (אופן אפ) אויפעפענען, פאנאנדערעפענען; מאכען לויז; אבשוואכען.

o'penwork *n.* (או'פנ-הוואירק) פאבריקאציאן אדער האנד-ארבייט, וואס איז געמאכט מיט פיעל לעכעלעך, ווי פערשיעדענע שטריק-ארבייט, שפיצען א. ד. ג.

op'era *n.* (אפ'-ע-רא) אן אפערע [א מוזיקאליש טהעאטער-שפיעל]; די ליברעטא [די ווערטער פון א מוזיקאלישער דראמא]; א טעאטער, וואו מען שפיעלט אפערעס; דאס אייגענטום, הכנסות און אדמיניסטראציאן פון אן איטאליענישער קירך.

op'era bouffe (אפ'-ע-רא בוף) אן אפערע-בוף, א קאמישע אפערע [בעזאנדערס אזא, וואו דער הומאריסטישער אדער שפאסליכער עלעמענט איז צופיעל איבערטריבען].

orthopæ'dic *a.* (אהר-טהא-פיע'-דיק) וואס איז שייך צו ארטאפעדיע. ז. *orthopædia*

or'thopædist *n.* (אהר'-טהא-פיע-דיסט) אן ארטאפעדיסט, איינער וועלכער קען היילען און אויסגלייכען פערקרימטע גליעדער.

or'thopædy *n.* (אהר'-טהא-פיע-די) ארטאפעדיע. ז. *orthopædia*

orthope'dic *a.* (אהר-טהא-פי'-דיק) ז. *orthopædic*

or'thopedist *n.* (אהר'-טהא-פי-דיסט) איינער וואס היילט קאליקע פיס. ז. *orthopædist*

or'thopedy *n.* (אהר׳-טהא-פי-די) ז. *orthopædy*

orthopho'nia *n.* (אהר-טהא-פאו׳-ני-א) א ריכטיגע, נארמאלע שטימע.

orthopnœ'a *n.* (אהר-טהאפ-ניע׳-א) אן ארט הארץ־קראנקהייט, ווען דער מענש קען אטהעמען נור שטעהענדיגערהייד אדער זיצענדיג גלייך.

or'thoscope *n.* (אהר׳-טהא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו האלטען וואסער ארום אויג [כדי צו פערמינדערען די שטראה־לען־ברעכונג פון הארן־הייטעל און אונ־טערצוזוכען די אירים אדער רעגענבויגען־הויט]; אן אינסטרומענט אנצואווארפען אדער אנצוצייכענען די ליניען פון שאר־בען און פון די אנדערע קאפ־ביינער.

or'tive *a.* (אהר׳-טיוו) אויפגעהענד [ווענען א שטערען אדער פּלאנעט]; מזרח'דיג, אסטליך.

or'tolan *n.* (אהר׳-טא-לען) דער ארטא־לאן אדער אווסיאנקע [א קליין זינג־פויגע־לע מיט א קורצען איינגעבויגענעם שנא־בעל און מיט א געלבען קאפ און בויך].



Ortolan

or'vet *n.* (אהר׳-וועט) ז. *blindworm*

orvie'tan *n.* (אהר-ווי-אי׳-טען) א מין פּראשעק אויסגעמישט מיט האניג אדער סיראפּ, ווענען וועלכען מען גלויבט, אז דאס איז א מיטעל געגען סם.

Orvie'to *n.* (אהר-ווי-איי׳-טאו) א מין ווייסער וויין, וואס ווערט פּראדוצירט ארום ארוויעטא אין איטאליען.

oryc'terope *n.* (א-ריק׳-טע-ראופ) ז. *aardvark*

os *n.* (אס) א ביין; אין אנאטאמיע — אן עפנונג פון אן ארגאן [ווי די עפנונג פון דער מוטער־לייב]; אין געאלאגיע — א לאנגער בערג־רוקען פון צוריבענע שטיי־נער און פעלזען [וואס האט זיך בעקו־מען, לויט דער השערה, פון דער ווירקונג פון דער אמאליגער אייז־פּעריאדע].

O. S. ראשי תבות פון *old style* אדער *Old Saxon*

O'sage or'ange (או׳-סעדזש אר׳-ענדזש) אן אמעריקאנער הויכער בוים מיט לאנגע אוואלע בלעטער און מיט געל־בע פּרוכטען וואס זיינען ענליך צו אפּעל־סינען.

Osage Orange

os'cheal *a.* (אס׳-קי-על) וואס איז שייך צום אייער־בייטעל [פון מענליכען גע־שלעכטס־ארגאן].

oschei'tis *n.* (אס-קי-אי׳-טיס) אן ענט־צינדונג פון אייער־בייטעל.

os'cheocele *n.* (אס׳-קי-א-סיל) א גע־שווילעכץ אויף'ן אייער־בייטעל.

os'cillancy *n.* (אס׳-אי-לען-סי) דאס שוואנקען, דאס וואקלען זיך; דאס שווינ־גען, דאס שאקלען זיך אהין און אהער [ווי א פּערפּענדיקעל פון א זייגער].

os'cillate *v.* (אס׳-אי-לייט) שווינגען, זיך וויעגען, זיך בעוועגען הין און הער; ציטערען, פלאטערען.

oscilla'tion *n.* (אס-אי-ליי׳-שאן) די שווינגונג, די וויעגונג; א שווינגענדע בע־וועגונג [ווי דער פּערפּענדיקעל פון א זייגער].

os'cillator *n.* (אס׳-אי-ליי-טאר) עמעצער וואס בעוועגט זיך הין און הער; עטוואס וואס האט א שווינגענדע בעוועגונג [ווי דאס שיפעלע אין א נעה־מאשין, ווי דער פּערפּענדיקעל פון א זייגער א. ד. ג.].

os'cillatory *a.* (אס׳-אי-ליי-טא-רי) שווינגענד, וויעגענד, זיך בעוועגענד הין און הער.

os'citancy *n.* (אס׳-אי-טען-סי) דאס גענעצען; שלעפעריגקייט; פוילקייט; נאכלעסיגקייט.

os'citant *a.* (אס׳-אי-טענט) גענעצענד, שלעפעריג, פויל, נאכלעסיג.

os'citantly *adv.* (אס׳-אי-טענט-לי) גע־נעצענדיג; אויף א שלעפעריגען, פוילען אדער נאכלעסיגען אופן.

os'citate *v.* (אס׳-אי-טייט) גענעצען; זיין שלעפעריג אדער פויל.

oscita'tion *n.* (אס-אי-טיי׳-שאן) דאס גענעצען; דאס זיין שלעפעריג, פויל אדער נאכלעסיג.

os'culant *a.* (אס׳-קיו-לענט) אין ביא־לאגיע — בעריהרענד [ווענען צוויי גרו־פּען חיות אדער פלאנצען, וואס שטעהען הארט איינע נעבען דער אנדערער אין דער קייט פון אבשטאמונג אדער ענטוויק־לונג]; קושענד.

os'culate *v.* (אס׳-קיו-לייט) קושען; אין געאמעטריע — זיך נאהענט בעריה־רען [ווענען צוויי געאמעטרישע פיגו־רען]; אין נאטור־וויסענשאפט — הא־בען דעם כאראקטער אדער אייגענשאפטען פון אן אנדער גרופּע.

oscula'tion *n.* (אס-קיו-ליי׳-שאן) אין געאמעטריע — א נאהנטע בעריהרונג פון צוויי געאמעטרישע פיגורען; דאס קושען; א קוש.

os'culatory *a. and n.* (אס׳-קיו-ליי־טא-רי) קושענד; בעריהרענד; אין די קאטוילישע קירכען — א קליינע איקאנע מיט א צלם, וועלכע דער גלח און די אנ־וועזענדע אין קירך קושען אין דער צייט פון מעסע אדער גאטעס־דיענסט.

o'sier *n. and a.* (או׳-זשער) די קארב־ווידע אדער ווערבע [איינער פון די פערשיעדענארטיגע מינים ווידע־בוימער, וועלכע וואקסען מייסטענס ביי טייכלעך. פון די ריטלעך און צווייגלעך פון דיזען בוים מאכט מען קערב]; וואס איז גע־מאכט פון דער קארע אדער צווייגלעך פון א קארב־ווידע אדער ווערבע.

o'sier-bed *n.* (או׳-זשער-בעד) ז. *osier-holt*

o'siered *a.* (או׳-זשערד) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קארב־ווידען אדער ווער־בעס; בעדעקט מיט א פלעכטונג פון ווער־בע־ריטלעך.

o'sier-holt *n.* (או׳-זשער-האולט) אן ארט וואו מען פלאנצט קארב־ווידען אדער ווערבעס, כדי צו בעקומען פון זיי די קא־רע און צווייגען פאר קארב־ארבייט.

o'sier-pee'ler *n.* (או׳-זשער-פיע׳-לער) א מאשין ארבאבצוריסען די קארע פון קארב־ווידען אדער ווערבעס.

Osi'rian *a.* (א-סאי׳-רי-ען) וואס איז שייך צו אזירים. ז. *Osiris*

Osi'ris *n.* (א-סאי׳-ריס) אזירים [איי־נער פון די אלט־עגיפּטישע הויפּט־געטער. די פּערקערפּערונג פון גוטעס און פון זון־שיין]; אין זאאלאגיע — א מין אינזעק־טען מיט הייטעל־פערמיגע פליגלען.

Osman'li *a. and n.* (אס-מען׳-לי) וואס איז שייך צו דער טערקישער מלוכה; א טערק וואס איז אן אונטערטהאן פון טערקישען סולטאן.

os'mium *n.* (אס׳-מי-אם) דאס אס־מיום [א כעמישער גרונד־עלעמענט. איי־נער פון די פלאטינא־מעטאלען].

os'mograph *n.* (אס׳-מא-גרעף) אן אינסטרומענט, וועלכער פערצייכענט די שטארקייט אדער געשווינדקייט, מיט וועל־כער איין פליסיגקייט מישט זיך אויס מיט אן אנדערער [ווען זיי ביידע זיינען אב־געטיילט איינע פון דער אנדערער מיט א הייטעל].

osmol'ogy *n.* (אס-מאל׳-א-דזשי) די לעהרע ווענען ריחות און ווי אזוי דער מענש בעגרייפט זיי דורך'ן חוש־הריח; דאס שטודירען די ערשיינונג ווי אזוי צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען אבגעטיילט איינע פון דער אנדערער מיט א הייטעל, מישען זיך אויס.

osmom'eter *n.* (אס-מאמ׳-ע-טער) אן אפּאראט אויסצומעסטען די געשווינדקייט, מיט וועלכער איין פליסיגקייט מישט זיך אויס מיט א צווייטער; אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון חוש־הריח.

osmon'osus *n.* (אס-מאנ׳-א-סאס) אן אנגארמאלימעט אדער קראנקהייט פון חוש־הריח.

os'mose *n.* (אס׳-מאוס) ז. *osmosis*

osmo'sis *n.* (אס-מאו׳-סיס) די נייגונג פון פליסיגקייטען דורכצודרינגען דורך א הייטעל און אויסמישען זיך; דאס אויס־מישען זיך פון צוויי פליסיגקייטען, וועל־כע זיינען אבגעטיילט איינע פון דער אנ־דערער מיט א הייטעל.

os'prey *n.* (אס׳-פריי) ים־אדלער [א גרויסער רויב־פויגעל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש].

Osprey

os'selet *n.* (אס׳-ע-לעט) א קליין ביינ־דעל; א הארטער שטאף וואס וואקסט אן פון דער אינערליכער זייט פון א פערד'ס קניע; די קאלכיגע הארטע פלעכטע פון טינט־פיש. ז. *cuttlefish*

os'seous *a.* (אס'-אי-אס) בייניג, פון ביין, פון קנאכען; ביינערדיג, ווי ביין.
os'seously *adv.* (אס'-אי-אס-לי) בנוגע צו ביינער.
os'sicle *n.* (אס'-איקל) א ביינדעלע [ווי דאס קליינע ביינדעלע פון אויער א. ד. ג.]; א קליין שטיקעלע פערהארטעוועטער שטאף, וואס איז עהנליך צו א ביינדעל.
os'sicule *n.* (אס'-אי-קיול) ז. ***ossicle***
ossif'erous *a.* (א-סיפ'-ע-ראס) בייניג; וואס ענטהאלט ביינער.
ossif'ic *a.* (א-סיפ'-איק) פערביינערענד, וואס האט קראפט צו פערוואנדלען אין ביין.
ossifica'tion *n.* (אס-אי-פי-קיי'-שאן) די פערביינערונג, די פערוואנדלונג אין ביין.
os'siform *a.* (אס'-אי-פארם) ביין=פערמיג; וואס איז עהנליך צו א ביין.
os'sifrage *n.* (אס'-אי-פריידזש) ז. ***osprey***
os'sify *v.* (אס'-אי-פאי) פערביינערען, פערוואנדלען אין ביין; ווערען בייניג.
ossiv'orous *a.* (א-סיוו'-א-ראס) וואס עסט אדער ערנעהרט זיך פון ביינער.
os'suary *n.* (אס'-יו-ע-רי) א הויז אדער כלי, אין וועלכער עס ליגען ביינער פון מתים.
os'teal *a.* (אס'-טי-על) בייניג; ביין=פערמיג; עהנליך צו א ביין.
ostei'tis *n.* (אס-טי-אי'-טיס) א ביין=ענטצינדונג.
ostensibil'ity *n.* (אס-טענ-סי-ביל'-אי-טי) די צייגבארקייט, די בעשיינפערליכקייט, די אויגענשיינליכקייט.
osten'sible *a.* (אס-טענ'-סיבל) אויגענשיינליך, בעשיינפערליך, צייגבאר.
osten'sibly *adv.* (אס-טענ'-סי-בלי) בעשיינפערליך, אויף א צייגבארען אופן.
Ostensibly he acts as if he no longer cares for my friendship.
osten'sive *a.* (אס-טענ'-סיוו) אנצייגענד, אנדייטענד; אנווייזענד.
osten'sively *adv.* (אס-טענ'-סיוו-לי) ז. ***ostensibly***
ostenta'tion *n.* (אס-טענ-טיי'-שאן) דאס אויסשטעלען זיך; דאס ווארפען זיך אין די אויגען; בעריהמעריי, פראהלעריי.
Though very rich, they live modestly without ostentation.
ostenta'tious *a.* (אס-טענ-טיי'-שאס) זיך אויסשטעלענד, ווארפענדיג זיך אין די אויגען; בעריהמעריש, פראהלעריש.
Some nationalities are noted for their lovo of ostentatious display of wealth.
ostenta'tiously *adv.* (אס-טענ-טיי'-שאס-לי) זיך אויסשטעלענדיג; ווארפענדיג זיך אין די אויגען; מיט בעריהמעריי.
ostenta'tiousness *n.* (אס-טענ-טיי'-שאס-נעס) דאס אויסשטעלען זיך; בעריהמעריי; פראהלעריי.
os'teoclast *n.* (אס'-טי-א-קלעסט) א כירורגישער אינסטרומענט איבערצוברעכען א ביין, ווען מען דארף אויסגלייכען א צוקרימטען אבר.
osteocol'la *n.* (אס-טי-א-קאל'-א) דער קויהלען=זויערער קאלך [א מין קאלך, וואס וואקסט אן ווי א קארע אויף געוויסע בוימער. אמאל האט מען געהאלטען, אז מיט דיעזען קאלך קען מען כלומר'שט צוזאמענקלעפען א צובראכענעם ביין]; ביין=קליי, א מין קליי וואס ווערט ארויסגעצויגען פון ביינער.
os'teocope *n.* (אס'-טי-א-קאופ) א וועהטאג אין די ביינער.
osteogen'esis *n.* (אס-טי-א-דזשענ'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון ביינער; די פערביינערונג.
osteogen'esy *n.* (אס-טי-א-דזשענ'-ע-סי) ז. ***osteogenesis***
osteogenet'ic *a.* (אס-טי-א-דזשי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו דער בילדונג פון ביינער.
osteogen'ic *a.* (אס-טי-א-דזשענ'-איק) וואס ענטוויקעלט אדער מאכט וואקסען ביינער.
osteog'eny *n.* (אס-טי-אדזש'-ע-ני) ז. ***osteogenesis***
osteog'raphy *n.* (אס-טי-אג'-רע-פי) אסטעאגראפיע, די ביינער=בעשרייבונג, די קנאכען=בעשרייבונג.
os'teoid *a.* (אס'-טי-איד) בייניג; עהנליך צו א ביין.
os'teolite *n.* (אס'-טי-א-לאיט) אסטעאליט [אן ערד=מאסע וואס ענטהאלט אין זיך פאספאר=זויערע קאלך. ווערט בענוצט צו בעמיסטיגען פעלדער].
osteol'oger *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשער) אן אסטעאלאג, א קענער פון דער לעהרע וועגען ביינער.
osteolog'ic *a.* (אס-טי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו אסטעאלאגיע [די לעהרע וועגען ביינער].
osteolog'ical *a.* (אס-טי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***osteologic***
osteolog'ically *adv.* (אס-טי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט די כללים פון אסטעאלאגיע [די לעהרע וועגען ביינער].
osteol'ogist *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשיסט) ז. ***osteologer***
osteol'ogy *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשי) אסטעאלאגיע, די לעהרע וועגען ביינער.
osteomyeli'tis *n.* (אס-טי-א-מאי-ע-לאי'-טיס) א ביינער=מארך ענטצינדונג.
osteomy'elon *n.* (אס-טי-א-מאי'-ע-לאן) דער מארך פון די ביינער.
osteot'omy *n.* (אס-טי-אט'-א-מי) אין כירורגיע — די צושניידונג פון א ביין, די איינשניידונג אין א ביין.
os'tiary *n.* (אס'-טי-ע-רי) דער שמש פון א קירך אדער קלויסטער; דער אויסגוס פון א טייך.
os'tiole *n.* (אס'-טי-אול) א קליינע עפנונג.
osti'olum *n.* (אס-טאי'-א-לאם) אין באטאניק און זאאלאגיע — א קליינע עפנונג.
osto'sis *n.* (אס-טאו'-סיס) די פערביינערונג, די פערוואנדלונג אין ביין.
os'tracise *v.* (אס'-טרע-סאיז) ז. ***ostracize***
os'tracism *n.* (אס'-טרע-סיזם) אין אלט=גריכענלאנד — דער אסטראקיזם, דאס פערטרייבען אדער ארויסשיקען פון פאטערלאנד א בירגער, מיט וועלכען א גרויסע צאהל בירגער זיינען אונצופריעדען; דאס אויסשליסען אדער פערטרייבען פון דער געזעלשאפט.
os'tracize *v.* (אס'-טרע-סאיז) 1. פערשיקען, ארויסשיקען אדער פערטרייבען פון דער געזעלשאפט [אלס שטראף]; 2. פערדאמען; ניט האבען קיין מגע=ומשא.
2. A divorced woman is often socially ostracized in certain cities.
os'treiform *a.* (אס'-טרי-אי-פארם) אויסטער=פערמיג; עהנליך צו אן אויסטער [אוסטריצע].
ostreoph'agist *n.* (אס-טרי-אפ'-ע-דזשיסט) אן אויסטער=עסער; איינער אדער עפעס וואס ערנעהרט זיך מיט אויסטערען.
os'trich *n.* (אס'-טריטש) דער שטרויס=פויגעל [זעהר א גרויסער פויגעל ביז 5 פוס הויך מיט א לאנגען האלז און לאנגע פיס מיט צוויי פינגער. ער קען ניט פליהען נאר לויפט זעהר שנעל. האלט זיך אויף אין די גרויסע אפריקאנישע מדבריות און ווערט הויך געשעצט פאר זיינע טייערע פעדערען].

Ostrich

os'trich-farm *n.* (אס'-טריטש-פארם) אן ארט וואו מען האדעוועט שטרויס=פויגלען צו בעקומען זייערע פעדערען.
os'trich-feath'er *n.* (אס'-טריטש-פעטה'-ער) א שטרויס=פעדער, א פעדער פון א שטרויס=פויגעל.
os'trich-plume *n.* (אס'-טריטש-פלוהם) ז. ***ostrich-feather***
O. T. *Old Testament* ראשי תבות פון
otacous'tic *a. and n.* (או-טע-קוהס'-טיק) וואס העלפט הערען; אן אינסטרומענט וועלכער העלפט צום הערען.
otal'gia *n.* (א-טעל'-דזשי-א) א וועהטאג אין די אויערען; אויערען=שמערץ.
otal'gic *a. and n.* (א-טעל'-דזשיק) וואס איז שייך צו אויערען=וועהטאג; א רפואה צו אויערען=וועהטאג.
otal'gy *n.* (א-טעל'-דזשי) ז. ***otalgia***
oth'er *pr., a. and adv.* (אטה'-ער) דער אנדערער, די אנדערע, דאס אנדערע; אנדערע; א צווייטער, א צווייטע; וואס איז דער צווייטער אדער די צווייטע; וואס איז דער אנדערער; אנדערש; אויף אן אנדערען אופן.
oth'er day (*the*) (אטה'-ער דיי) דא ניט לאנג; ערשט די טעג; מיט א פאר טעג. צוריק.
He called on me the other day.
oth'erward *adv.* (אטה'-ער-הווארד) אין אן אנדער ריכטונג.
oth'erways *adv.* (אטה'-ער-הוועיז) ז. ***otherwise***
oth'erwhere *adv.* (אטה'-ער-הוועהר) אנדערשוואו.
oth'erwhile *adv.* (אטה'-ער-הוואיל) ביי אן אנדער צייט; פריהער; ווען ניט איז.
oth'erwise *adv. and c.* (אטה'-ער-הוואיז) אנדערש; אויף אן אנדער אופן; אין אן אנדער בעציהונג; ביי אנדערע בעדינגונגען; ווען ניט; זאנסט.
oth'er world (*the*) (אטה'-ער-הוואירלד) יענע וועלט.
oth'er-world *a.* (אטה'-ער-הוואירלד)

וואס איז שייך צו יענער וועלט; פון יענער וועלט; ניט פון דער ערד.

oth'erworldliness *n.* (אַטה'־ער־הוואירלד־לי־נעס) דאס זיין פון יענער וועלט; גייסטיגקייט; אונקערפּערליכקייט; דאס אבגעבען זיך מיט עולם־הבא־זאכען.

oth'erworldly *a.* (אַטה'־ער־הוואירלד־לי) וואס גיט זיך אב מיט עולם־הבא־זאכען; וואס פיהרט זיך אויף אזוי, כדי צו האָבען עולם־הבא.

Oth'man *a. and n.* (אַטה'־מען) ז. ***Ottoman***

Oth'manee *a.* (אַטה'־מען־אי) אָטאָמאַניש, טערקיש.

o'tic *a.* (אָ'־טיק) וואס איז נעבען אויער; וואס איז שייך צום געהער־אָרגאַן.

o'tiose *a.* (אָ'־שי־אָוס) רוהענד; אונבעשעפטיגט; פויל; וואס איז געמאכט געווארען שפּיעלענדיג, צוליעב צייט־פערטרייב; ניט וויכטיג, אונניציג.

otios'ity *n.* (אָו־שי־אָס'־אי־טי) דאס גארנישט טהאן; דאס זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד; דאס זיין ניט פערנומען; פוילקייט; לעדיגקייט.

oti'tis *n.* (אָ־טאַי'־טיס) אַן אויער־ענטצינדונג.

otodyn'ia *n.* (אָו־טאָ־דינ'־אי־אַ) א וועהטאג אין אויער.

otolog'ical *a.* (אָו־טאָ־לאָדזש'־אי־קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע וועגען אויערען און אויערען־קראנקהייטען.

otol'ogist *n.* (אָ־טאָל'־אָ־דזשיסט) אַן אָטאָלאָגיסט, איינער וואס שטודירט די אנאטאמיע, פיזיאָלאָגיע און פּאטאָלאָגיע פון אויער.

otol'ogy *n.* (אָ־טאָל'־אָ־דזשי) אָטאָלאָגיע, די לעהרע וועגען אויערען און אויערען־קראנקהייטען.

otop'athy *n.* (אָ־טאָפּ'־עָ־טהי) אויערען־קראנקהייט.

o'tophone *n.* (אָו'־טאָ־פאָון) אַן אויער־רעהר־טרובע.

otorrha'gia *n.* (אָו־טאָ־ריי'־דזשי־אַ) א בלוט־פלוס פון אויער.

o'toscope *n.* (אָו'־טאָ־סקאָופּ) אַן אויער־שפּיגעל [אַן אינסטרומענט צום אונטערזוכען די אויערען].

o'toscopy *n.* (אָו'־טאָ־סקאָו־פּי) א מעדיצינישע אונטערזוכונג פון די אויערען.

oto'sis *n.* (אָ־טאָו'־סיס) א שלעכטער געהער.

otot'omy *n.* (אָ־טאָט'־אָ־מי) די אנאטאָמיע פון אויער, די צוגליעדערונג פון דעם אויער.

ot'tar *n.* (אָט'־ער) רויזען־אויל. ז. ***attar***

ot'ter *n.* (אָט'־ער) דער פיש־אָטער אָדער ווידרא [א קליין חיה'לע, וואס האלט זיך אויף ביי די ברעגעס פון טייכען און ימים און ערנעהרט זיך מיט פיש. די אָטער־פעל איז זעהר טייער]; די לארווע פון געוויסע אינזעקטען; א געוויסע ווענטקע, וועלכע ווערט געברויכט אין די פּעראייניגטע שטאאטען צו כאפען פיש; א געוויסער מין שעפסען.

Otter

ot'ter-dog *n.* (אָט'־ער־דאָג) דער אָטער־הונד [א מין יאגד־הונד].

Ot'toman *a. and n.* (אָט'־אָ־מען) אָטאָמאַניש, וואס איז שייך צו דער אָטאָמאַנישער אָדער טערקישער מלוכה; די אָטאָמאַנען אָדער טערקען.

ot'toman *n.* (אָט'־אָ־מען) אַן אָטאָמאַנקע [א מין ברייטער ווייכער דיוואַן אָדער זאָפא].

oubliette' *n.* (אוּה־בלי־עט') א פינסטערע פערבארגענע תפיסה אין א וואנד פון א מיטעלאלטערליכען שלאָס [דארט פלעגט מען ארייננווארפען מענשען, וועלכע זיינען פעראורטיילט געווארען צו לעבענסלענגליכען געפענגניס].

ouch *int. and n.* (אַוטש) אַי! אַך! [אַן אויסגעשריי פון שמערץ]; א גאלד־ציערונג; א בראָש, א שפאנגע.

ought *v. and n.* (אָהט) 1. דארפען, זאָלען, מוזען; א מוז; 2. עטוואס, עפּעס; וואס־עס־איז; 3. א נול; א גארנישט.

1. You **ought** to take care to pronounce your consonants more distinctly.

ounce *n.* (אַונס) אַן אונץ [א געוויכט וואס ענטהאלט $\frac{1}{16}$ פון א פונט]; די אונצע [א מין לעמפּערט וואס האלט זיך אויף זעהר הויכע בערג].

Ounce

our *pr.* (אַור) אונזער, אונזערער.

ours *pr.* (אַורז) אונזערער, דער אונזעריגער.

Ours is the land of promise.

ourself' *pr.* (אַור־סעלף') מיר אליין, מיר זעלבסט; אונז.

ourselves' *pr.* (אַור־סעלוו'ז) מיר אליין, מיר זעלבסט; אונז.

ou'sel *n.* (אוּהזל) ז. ***ouzel***

oust *v. and n.* (אַוסט) פערטרייבען, ארויסטרייבען; ארויסשטויסען פון דעם בעזיץ פון גיטער; אַן אויוועז צו טריקענען האָפּען אָדער מאַלץ.

ous'ter *n.* (אַוס'־טער) די ארויסטרייבונג, דאס ארויסשטויסען אָדער ארויסשטופען פון בעזיץ.

out *adv., prep., a., n. and v.* (אַוט) 1. ארויס, אויס; 2. אין דער עפענטליכקייט; אין געזעלשאפט; 3. עקזיסטירענדיג; 4. אבוועזענד, אויסגעגאנגען, ניטא, ניט צו הויז; 5. ענג [אין געלד], פעהלענד; 6. אונגעשיקט; 7. אויס מאָדע; 8. אבגעריסען, אין לומפּען, נאקעט; 9. אויפגעדעקט; 10. ניט ריכטיג, ניט אין איינקלאנג; 11. צוטומעלט; 12. פערענדיגט, צו ענדע; 13. אבגעדרייזט, אוועקגעגאנגען, אויף א רייזע, אויף א מארש; 14. אויסען, אויסערליך; אויסגעשפּיעלט; אויסגעשלאָסען; 15. עטוואס וואס איז אויסערליך אָדער אויסגעשלאָסען פון עפּעס; ערלויבנים צו מאכען אַן עקסקורסיאָן אָדער אויספלוג; אַן עקסקורסיאָן אָדער אויספלוג; 16. אויסשליסען, ארויסוואַרפען, פערטרייבען; ארויסגעהן, אוועקגעהן, זיך אבטראגען, זיין אויסגעשלאָסען; זיין בעזייטיגט אָדער אויפגעדעקט, ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט.

1. All the stars are **out**. 3. He is the meanest man **out**. 4. The book is **out** at the library. 5. He is **out** ten dollars. 10. He is **out** in his guess.

outact' *v.* (אַוט־עקט') 1. איבערשטייגען; 2. האנדלען אפען און מוטיג.

1. All his tricks were **outacted**.

out and away' (אַוט ענד ע־הוויי') אין א זעהר הויכען גראד; זעהר.

New York is **out and away** the most prosperous city in the country.

out'-and-out' *adv. and a.* (אַוט'־ענד־אַוט') דורך און דורך, פאלשטענדיג, אבסאָלוט, עכט.

It was an **out-and-out** swindle.

out and out (אַוט ענד אַוט) דורך און דורך, פאלשטענדיג, אבסאָלוט.

out'-and-ou'ter *n.* (אַוט'־ענד־אַו'־טער) א געשיקטער, פערלעסליכער מענש.

out'-at-el'bows *a.* (אַוט'־עט־על'־באָוז) אויסגעריבען, אבגעריבען, אבגענוצט, אויסגעדראשען.

His writings are based on an **out-at-elbows** theory.

out at el'bows (אַוט עט על'־באָוז) מיט לעכער אויף די עלענבויגענס; אבגעריסען; אין שלעכטע אומשטענדען.

out at heels (אַוט עט היעלז) מיט די פּיאטעס אין דרויסען, אין צוריסענע שיך אָדער זאקען.

outbal'ance *v.* (אַוט־בעל'־ענס) אריבערוועגען.

outbar' *v.* (אַוט־באַר') אויסשליסען; אבשפּארען.

outbar'gain *v.* (אַוט־באַר'־גען) אויסדינגען בעסערע בעדינגונגען, אויסדינגען א מציאה ביים צוויטען.

The parties try to **outbargain** each other.

outbid' *v.* (אַוט־ביד') איבערבאָטען, באָטען מעהר, איבערשטייגען אין באָטען.

otubid'der *n.* (אַוט־ביד'־ער) אַן איבערבאָטער, איינער וואס באָט מעהר.

outblast' *v.* (אַוט־בלעסט') עקספּלאָדירען.

outblaze' *v.* (אַוט־בלייז') אריבערשטראַהלען; ארויספלאַקערען; ארויספלאַמען.

out'blaze *n.* (אַוט'־בלייז) אַן ארויסשיינונג, אַן ארויספלאַמונג.

out'blown *a.* (אַוט'־בלאָון) אויפגעבלאזען, אויפגעשוואָלען.

outblush' *v.* (אַוט־בלאַש') איבערטרעפען אין ראָזעווען קאָליר.

out'board *a. and adv.* (אַוט'־באָורד) אויסערליך [אויף א שיף]; נאך אויסען, אויסער דעם בארט [פון א שיף].

outbound' *v.* (אַוט־באַונד') איבערשטייגען אין שנעלקייט אָדער טעטיגקייט.

out'bound *a.* (אַוט'־באַונד) געריכטעט נאך אויסען; בעשטימט פאַר אויסלאַנד, וואס געהט נאך אויסלאַנד [וועגען א שיף].

out'bounds *n.* (אַוט'־באַונדז) די ווייטעסטע גרענעצען.

out'bowed *a.* (אַוט'־באָוד) ארויסגעבויגען, געבויגען נאך אויסען.

outbrag' *v.* (אַוט־בראַג') איבערשטייגען אין בעריהמען זיך; איבערטרעפען אין מוטה.

outbrave' *v.* (אַוט־בריי'וו) איבערשטייגען אין דרייסטקייט.

outbra'zen *v.* (אַוט־בריי'־זן) איבערשטייגען אין אונפערשעמטהייט, איבערטרעפען אין עזות.

out'break *n.* (אַוט'־בריק) אויסברוך; אַן אויפרוהר.

outbreak' *v.* (אַוט־בריק') אויסברעכען, אויספּלאַצען.

out'breaker *n.* (אַוט'־ברייק־ער) א כוואַליע וואס קלאפּט זיך אב אַן ברעג.

out'breaking *n.* (אוט'-בריי-קינג) ז. ***outbreak***

outbreathe' *v.* (אוט-בריעטה') אויסמאטערן, לאזען אהן אטהעם; אויסאטהמען.

outbring' *v.* (אוט-ברינג') ארויסברינגען; ארויסזאגען, אויסדריקען.

outbud' *v.* (אוט-באד') ארויסשפראצען, אנהויבען ארויסצושפראצען [ווענען די שפראץ-אויגעלעך אדער קנאספען].

outbuild' *v.* (אוט-בילד') איבערטרעפען מיט דעם געבוי אדער מיט דער שטארקייט פון דעם געבוי.

out'building *n.* (אוט'-ביל-דינג) אן אויסערע געביידע, א נעבען-געביידע.

outburn' *v.* (אוט-בוירן') אויסברענען, פערברענט ווערען; איבערשטייגען אין ברענען, ברענען לענגער.

outburst' *v.* (אוט-בוירסט') אויספלאצען.

out'burst *n.* (אוט'-בוירסט) אן אויספלאצונג, אן אויסברוך.

out'by *adv.* (אוט'-באי) אין דער ריכטונג צום ארויסגאנג פון א שאכט [מינע].

out'bye *adv.* (אוט'-באי) ז. ***outby***

outcar'ry *v.* (אוט-קער'-אי) ארויספיהרען, עקספארטירען.

outcast' *v.* (אוט-קעסט') ארויסווארפען, אוועקווארפען; פערווארפען; פערשטויסען, פעריאגען, פערטרייבען.

out'cast *a. and n.* (אוט'-קעסט) ארויסגעווארפען, אוועקגעווארפען; פערשטויסען, פערטריבען, פעריאגט; פערלאזען, עלענד, פערטראכטעט; איינער וואס ווערט פערטריבען [פון א לאנד]; א פערשטויסענער [פון דער געזעלשאפט]; אן אויסוואורף.

out'caste *n.* (אוט'-קעסט) איינער וואס איז פערשטויסען פון א קאסטע [אין אינדיען]. ז. ***caste***

outch *int.* (אוטש) [אן אויסגעשריי פון וועהטאג]. אוי, אך!

outchase' *v.* (אוט-טשייס') פעריאגען, פערטרייבען.

outcheat' *v.* (אוט-טשיעט') אריבערשווינדלען.

outclass' *v.* (אוט-קלעס') איבערטרעפען אין ראנג, מאכט, געשיקטקייט א. ז. וו.

As a swimmer he easily outclassed his playmates.

out'clearance *n.* (אוט'-קליער-ענס) דאס פערלאזען א האפען.

outclimb' *v.* (אוט-קלאים') אריבערקלעטערען אימעצען, אריבערשטייגען.

out'come *n.* (אוט'-קאם) אן אויסגאנג, א פועל-יוצא, א רעזולטאט.

The outcome of the war is uncertain.

outcom'pass *v.* (אוט-קאמ'-פעס) געהן צו ווייט, אריבערכאפען די מאס, אריבערגעהן די בעשטימטע גרענעצען.

outcraf'ty *v.* (אוט-קרעפ'-טי) איבערכיטרעווען.

out'crier *n.* (אוט'-קראי-ער) אן אויסרופער, אן אויסשרייער [הויפטזעכליך אויף אן אויספערקויף]; אן אויקציאנער.

out'crop *n. and v.* (אוט'-קראפ) דאס ארויסזעהן זיך פון אויבען [ווענען א מינעראל-אדער, אדער ווענען אן ערד-שיכט]: זיין פון אויבען אדער אויף דער אויבערפלעכע [ווענען א מינעראל-אדער, אדער ווענען אן ערד-שיכט].

out'cry *n.* (אוט'-קראי) א געשריי, א געוואלד, אן אויסגעשריי, א גע- ליארם, א טומעל; אן אויסגעשריי פון וועהטאג אדער פראטעסט; אן אויקציאן, א ליציטאציע.

outcry' *v.* (אוט-קראי') אריבערשרייען; אריבערשטייגען, איבערטרעפען.

out'-cut *a.* (אוט'-קאט) אויסגעשניטען, ארויסגעשניטען.

outdare' *v.* (אוט-דעהר') איבערשטייגען אין געוואגטקייט; בייקומען דורך געוואגטקייט; שטעלען זיך נעגען.

outdid' (אוט-דיד') איבערגעטראפען, איבערגעשטיגען. ז. ***outdo***

outdis'tance *v.* (אוט-דיס'-טענס) אריבעריאגען; אין וועט-לויף פון פערד — קומען צום ציעל, ווען דאס צווייטע פערד איז בלויז ביי דער "דיסטאנץ". ז. ***distance***

outdo' *v.* (אוט-דו') איבערטרעפען, איבערשטייגען.

outdone' (אוט-דאן') איבערטראפען. ז. ***outdo***

out'door *a. and n.* (אוט'-דאור) 1. וואס איז אויסער'ן הויז, אין דרויסען אדער אונטער'ן פרייען הימעל; 2. בעזארגט ניט אין אן אנשטאלט, נאר אין דער היים [ווי ארימע, וועלכע מען האלט ניט אין הקדש, נאר מען גיט זיי קצבה אהיים]; 3. אויסערליך [ביי פומפ-מאשינען]; 4. אן אויסען-טהיר, א דרויסען-טהיר.

1. Outdoor amusements are very healthy. 2. Our city gives outdoor relief. 3. The outdoor stroke of the engine.

out'door relief' (אוט'-דאור רי-ליעף') אויסערליכע שטיצע, הויז-אונטערשטיצונג [פון ארימע, וואס זיינען ניט אין אן אנשטאלט].

outdoors' *adv. and n.* (אוט-דאורז') 1. אויף דער פרייער לופט, אונטער'ן פרייען הימעל, אויסער'ן הויז; 2. דער דרויסען; די דרויסענדיגע לופט.

1. Outdoors is nature's play ground. 2. Outdoors seemed terrible to those who looked out of the windows.

outdrink' *v.* (אוט-דרינק') איבערטרעפען אין טרינקען.

ou'ter *a. and n.* (או'-טער) אויסער, אויסערסט, אויסערליך; די טיילען פון א ציעל-ברעט ארום דעם ציעל-פונקט; א שאס אין דיעזע טיילען; אן ארויסטרייבונג, אן ארויסשטעלונג [פון א וואהנונג אדער בעזיץ].

ou'ter bar (או'-טער באר) אין ענגלאנד — די יונגע אדוואקאטען, וואס ווערען נאך ניט צוגעלאזען צום געריכט.

ou'ter bar'rister (או'-טער בער'-יס-טער) אין ענגלאנד — א יונגער אדוואקאט, וואס ווערט נאך ניט צוגעלאזען צום געריכט.

ou'ter gar'ment (או'-טער גאר'-מענט) אן אויבער-קלייד, אן אויבערראק, אן אויבערמאנטעל.

ou'terly *adv.* (או'-טער-לי) נאך אויסען, צו דער אויסען-זייט.

ou'termost *a.* (או'-טער-מאוסט) אויסערסט.

outface' *v.* (אוט-פייס') מוטיג זיך אנטקעגען שטעלען; ברייגען אין פערלעגענהייט דורך א שטאלצען בליק; בעגעגענען מיט העזה אדער אונפערשעהמטקייט.

out'fall *n.* (אוט'-פאהל) דער אויסגוס פון א טייך, רינע א. ז. וו.; דער פלאץ וואו איין טייך פאלט אריין אין צווייטען, אין אן אזערא אדער ים.

out'field *n.* (אוט'-פיעלד) דער אויסערליכער טייל פון א באל-שפיעל פלאץ; פערמע-לאנד, וואס געפינט זיך ווייט פון דער וואהנונג; א ווייטע, אונבעשטימטע געגענד אדער געביעט.

out'-fiel'der *n.* (אוט'-פיעל'-דער) אין באל-שפיעל — איינער וואס שטעהט אין דעם אויסערליכען טייל פון שפיעל-פלאץ.

out'fit *n. and v.* (אוט'-פיט) 1. אויסשטאטונג; 2. אן אנשטאלט; א געשעפט, אן אונטערנעהמונג; 3. א גרופע מענשען [וואס בעשעפטיגען זיך מיט עפעס, וואס פערוואלטען עפעס א. ז. וו.]; 4. אויסשטאטען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען.

1. He bought a fishing outfit. 3. I have no use for the entire outfit of the party's leaders.

out'fitter *n.* (אוט'-פיט-ער) אן אויסשטאטער.

out'fitting *n.* (אוט'-פיט-אינג) אויסשטאטונג [הויפטזעכליך פאר א רייזע].

outflank' *v.* (אוט-פלענק') זיך פערשפרייטען אריבער דעם פלאנג [די זייטען-טיילען פון אן ארמעע]; בעקומען די אויבערהאנד.

out'-fling *n.* (אוט'-פלינג) א סארקאזם, א שפאט, א שטעכיגע בעמערקונג.

outflew' (אוט-פלוה') איבערגעשטיגען אין פליהען; אנטרינען דורך א גרעסערער שנעלקייט; ארויסגעפלויגען, פלוצלונג ערשיענען. ז. ***outfly***

out'flow *n.* (אוט'-פלאו) אן אויספלוס, אן אויסגוס.

outflow' *v.* (אוט-פלאו') ארויספליסען.

outfly' *v.* (אוט-פלאי') איבערשטייגען אין פליהען; אנטרינען דורך א גרעסערער שנעלקייט; ארויספליהען, פלוצלונג ערשיינען.

outfoot' *v.* (אוט-פוט') אריבערשטייגען אין שנעלקייט.

outfrown' *v.* (אוט-פראון') ברייגען אין פערלעגענהייט, צווינגען אראבצולאזען די אויגען, נידערשלאגען דורך א בייזען בליק.

outgen'eral *v.* (אוט-דזשענ'-ע-רעל) איבערטרעפען אין קריעגס-טאקטיק, איבערשטייגען אלס גענעראל.

outglare' *v.* (אוט-גלעהר') איבערשטייגען אין גלאנץ.

outgo' *v.* (אוט-גאו') איבערטרעפען אין געהן; איבערטרעפען, איבערשטייגען.

out'go *n.* (אוט'-גאו) עטוואס וואס געהט ארויס אדער פליסט ארויס; הוצאות, אויסגאבען.

out'goer *n.* (אוט'-גאו-ער) איינער וואס פערלאזט א פלאץ, געהט אוועק אדער פעררייזט.

out'going *n. and a.* (אוט'-גאו-אינג) 1. דאס אוועקגעהן, שיידונג; 2. אוועקגעהענד, זיך שיידענד, פערלאזענד.

2. Outgoing steamers leave our port early in the morning.

out'goings *n.* (אוט'-גאו-אינגז) הוצאות, אויסגאבען.

out'ground *n.* (אוט'-גראונד) א שטיק לאנד ווייט פון דער וואהנונג; אן אבגעזונדערט שטיק לאנד.

outgrow' *v.* (אוט-גראו') 1. אריבערוואקסען, אויסוואקסען גרעסער; 2. ארויסוואקסען, ווערען צו גרויס פאר עפעס; 3. אויסשעפען דורך שנעלען וואקסען; 4. פערליערען, זיך בעפרייען פון עפעס אין פערלויף פון וואוקס און ענטוויקלונג.

1. My younger brother outgrew me. 2. Children outgrow their clothes. 3. He outgrew his strength. 4. One outgrows his bashfulness.

out'growth *n.* (אוט'-גראוטה) אן אויסוואוקס, אן אנוואוקס; א פועל-יוצא, א פאלגע, א רעזולטאט.

out'guard *n.* (אוט'-גארד) דער פארפאסט [די מיליטער-אבטיילונג וואס געפינט זיך אם ווייטסטען פון דער הויפט ארמעע]; די ווייטסטע בעשיצונג, די ווייטסטע וואך.

out-her'od *v.* (אוט-הער'-אד) זיין

אונגעהייער גרויזאם און פערדארבען [זיין מעהר הורדוס ווי דער אידישער קעניג הורדוס].

out'house *n.* (אוט'-האוס) א נעבענגעביידע, א ביי=געביידע, א הינטער=הויז; אן אבטריט, א בית הכסא.

ou'ting *n. and a.* (או'-טינג) 1. אן אויספלוג, אן אויסגאנג, אן אויספאהר [אויף שפאציער]; 2. וואס איז צוגעפאסט צום דרויסען אדער צו א שפאציער [וועגען קליידער א. ד. ג.].
1. Our club will have an **outing** next month. 2. He wears an **outing** shirt.

outjest' *v.* (אוט-דזשעסט') פערטרייבען אדער בייקומען דורך שפאס, פערלאכען.

out'jet *n.* (אוט'-דזשעט) אן ארויסשטארצונג.

outla'bor *v.* (אוט-ליי'-באר) איבערשטייגען אין ארבייט, אויסדויער אדער ליידען.

out'land *n. and a.* (אוט'-לענד) א ווייט פערווארפען לאנד; גרענעץ=לאנד; אין דער פעאדאלער ארדנונג — לאנד וואס איז געווען בענוצט פון די אונטערטהאנען און ניט פון פריץ; אויסלענדיש.

out'lander *n.* (אוט'-לענ-דער) אן אויסלענדער.

out'landish *a.* (אוט'-לענ-דיש) 1. אויסלענדיש; גראב, בארבאריש; פרעמד; 2. אבגעזונדערט; 3. זאנדערבאר.
1. The speaker's **outlandish** accent provoked the derision of the audience. 2. We settled in an **outlandish** part of the country.

outlan'dishly *adv.* (אוט-לענ'-דיש-לי) אויף א זאנדערבארען, פרעמדען, ווילדען אדער בארבארישען אופן; אויף אן אבגעזונדערטען אופן.

outlan'dishness *n.* (אוט-לענ'-דיש-נעס) זאדערבארקייט, פרעמדקייט, ווילדקייט; אבגעזונדערטקייט.

out'lash *n.* (אוט'-לעש) דאס ארויסשלאגען; אן ארויסשטויס; אן אויסברוך.

outlast' *v.* (אוט-לעסט') איבערלעבען, געדויערען לענגער.

outlaugh' *v.* (אוט-לאף') איבערשטייגען אין לאכען; אויסלאכען.

out'law *n. and v.* (אוט'-לאה) איינער וואס איז געשטעלט אויסער דעם שוץ פון געזעץ [פארצייטען פלעגט מען דערמיט בעשטראפען איינעם וואס האט זיך ענטזאגט צו ערשיינען אין געריכט און אזא מענשען האט יעדער רעכט געהאט צו טויטען]; א פראפעסיאנעלער פערברעכער, א רויבער, א באנדיט; שטעלען אויסער דעם שוץ פון געזעץ; מאכען געזעצליך אונגילטיג [ווי א חוב אדער געריכטליכע קלאגע צוליעב דעם וואס עס איז פאריבער דער בעשטימטער טערמין].

out'lawry *n.* (אוט'-לאה-רי) דאס שטעלען אויסער דעם שוץ פון דעם געזעץ; דאס ווערען געזעצליך אונגילטיג [ווי א חוב אדער קלאגע]. ז. *outlaw*.

outlay' *v.* (אוט-ליי') אויסלעגען, אויסשפרייטען; ארויסשטעלען, אויסשטעלען צום שיין.

out'lay *n.* (אוט'-ליי) אויסלאג, הוצאות.
The house has been built at a great **outlay**.

out'layer *n.* (אוט'-ליי-ער) עקטאדערמא. ז. *ectoderm*.

out'leap *n.* (אוט'-ליעפ) אן ארויסשפרונג, אן אנטרינונג, א ויברח.

outlearn' *v.* (אוט-לוירן') איבערטרעפען אין לערנען; אויסלערנען, דורכלערנען ביז'ן סוף.

out'let *n.* (אוט'-לעט) 1. אן ארויסגאנג, אן אויסגאנג, אן אויסוועג; 2. אן אויספלוס; 3. א מארק פאר סחורות.
3. American merchants are seeking an **outlet** for their merchandise in South America.

outlie' *v.* (אוט-לאי') איבערטרעפען אין ליגען=זאגען, איבערשטייגען אין ליגענס; וואהנען אונטער'ן פרייען הימעל, פיהרען א לאגער=לעבען.

out'lier *n.* (אוט'-לאי-ער) איינער וואס וואהנט ניט אין דעם פלאץ פון זיין בעשעפטיגונג; איינער וואס איז ניט קיין מיטגליעד [פון א געזעלשאפט, סעקטע א. ז. וו.]; אן אבגעזונדערטער טייל פון עפעס; אין געאלאגיע — אן איבערגעבליבענער טייל פון אן ערד=שיכט, וועלכע איז לאנגזאם פערשוואונדען דורך דער ווירקונג פון וואסער; אין זאאלאגיע — א מין, א גאטונג.

out'line *n. and v.* (אוט'-לאין) די קאנטור, די אויסען=ליניע פון א פיגור; סקיצירונג, דאס מאלען פיגורען נור מיט אויסערליכע ליניען; אן ענטוואורף, עטוואס וואס איז געצייכענט אדער אנגעווארפען אין די הויפט שטריכען; בעשרייבונג פון די הויפט שטריכען [ווי למשל, פון א דראמא]; סקיצירען; צייכנען די קאנטורען אדער אויסען=ליניען; מאכען אן ענטוואורף; איבערגעבען די הויפט שטריכען.

outlin'ear *a.* (אוט-לינ'-אי-אר) וואס איז שייך צו א סקיצירונג אדער קאנטור. ז. *outline*.

outlive' *v.* (אוט-ליוו') איבערלעבען; געדויערען לענגער.

outlook' *v.* (אוט-לוק') בעגעגנען מיט מוטה; אראבשלאגען פון מוטה מיט א בליק; בייקומען מיט'ן בליק; בייקומען, בעזיעגען.

out'look *n.* (אוט'-לוק) אן אויסקוק; אן אויסזיכט; דאס ארויסקוקען אויף עפעס; וואכזאמקייט; א פלאץ, פון וועלכען מען קוקט אויס אדער אויף וועלכען מען האלט וואך, אן אבזערוואציאנס=פונקט, א וואכטורם; זעהונגס=קראפט; דאס וואס מען זעהט.

outlus'ter *v.* (אוט-לאס'-טער) ז. *outlustre*.

outlus'tre *v.* (אוט-לאס'-טער) איבערטרעפען אין גלאנץ.

out'lying *a.* (אוט'-לאי-אינג) וואס געפינט זיך אויסערהאלב די גרענעצען; אבגעזונדערט, דערווייטערט.

outman' *v.* (אוט-מען') איבערשטייגען אלס מאן [אין קראפט, מוטה א. ז. וו.], זיין מעהר מאן; האבען א גרעסערע צאהל מענשען.

outmaneu'ver *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) איבערטרעפען אין מאנעווירען.

outmanœu'ver *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) ז. *outmaneuver*.

outmanœu'vre *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) ז. *outmaneuver*.

outmarch' *v.* (אוט-מארטש') אריבערמארשירען, שנעלער מארשירען.

outmatch' *v.* (אוט-מעטש') אריבערשטייגען אלס געגנער, זיין א שטארקערער געגנער, אריבערשטייגען.

outmate' *v.* (אוט-מייט') אריבערשטייגען, זיין שטארקער אדער גרעסער.

out'most *a.* (אוט'-מאוסט) אויסערסטער, אויסערסט.
The mayor of our city is enforcing the laws to the **outmost** of his ability.

outmove' *v.* (אוט-מוהוו') אריבערשטייגען אין שנעלקייט.

outname' *v.* (אוט-ניים') האבען א גרעסערען נאמען, וויכטיגקייט אדער בעדייטונג.
His bad temper **outnames** all his other faults.

out'ness *n.* (אוט'-נעס) אויסערליכקייט; דאס זיין פעראינטערעסירט מיט אויסערליכע זאכען; אין פילאזאפיע — דאס זיין אויסער דעם בעגרייפענדען "איך". ז. *externality*.

outnoise' *v.* (אוט-נאיז') איבערשטייגען אין טומעל אדער ליארם.

out'-nook *n.* (אוט'-נוק) א ווייטער ווינקעל, א פערווארפענער עק.

outnum'ber *v.* (אוט-נאמ'-בער) איבערשטייגען אין צאהל.
The Balkan allies **outnumbered** the Turks in every battle.

out of (אוט אוו) פון; אויס; פון צווישען; אויסער, אהן.

out of all bounds (אוט אוו אהל באונדז) איבער אלע גרענעצען; איבער יעדער מאס.

out of breath (אוט אוו ברעטה) אהן אן אטהעם.

out of cash (אוט אוו קעש) ניט ביי געלד.

out of commis'sion (אוט אוו קא-מיש'-אן) ניט אין געברויך [וועגען א קריעגס=שיף]; ניט צום געברויכען, ניט אין ארדנונג.

out of com'mon (אוט אוו קאמ'-אן) אויסעראָרדענטליך, אויסערגעוועהנליך.

out of condi'tion (אוט אוו קאנ-דיש'-אן) אין א שלעכטען צושטאנד.

out of count (אוט אוו קאונט) אונצעהליג, אונצעהלבאר; אונשעצבאר; אויסער בעטראכטונג, וואס ווערט ניט גערעכענט אדער ניט גענומען אין אנבעטראכט.

out of coun'tenance (אוט אוו קאונ'-טע-נענס) צוטומעלט, אין פערלעגענהייט.

out of course (אוט אוו קאורס) אויסער ארדנונג, אין אונארדנונג.

out of court (אוט אוו קאורט) פערלארען דאס רעכט צו קלאגען אין געריכט.

out of cry (אוט אוו קראי) אונדערגרייכבאר, וואס מען קען ניט דערגרייכען אדער קריעגען.

out of date (אוט אוו דייט) אלט=מאדיש, ארויס פון דער מאדע.

out of depth (אוט אוו דעפטה) פערלארען דעם באדען אונטער די פיס.

out of dis'tance (אוט אוו דיס'-טענס) ניט צו כאפען מיט'ן אויג.

out'-of-door' *a.* (אוט'-אוו-דאור') וואס איז אדער ווערט געטהאן אין דרויסען אדער אונטער'ן פרייען הימעל.

out'-of-doors' *a.* (אוט'-אוו-דאורז') ז. *out-of-door*.

out of doubt (אוט אוו דאוט) אהן א שום צווייפעל; בלי שום ספק.

out of el'ement (אוט אוו על'-אי-מענט) אויסער דער אייגענער ספערע, אויסער דעם אייגענעם קרייז, ניט אין אייגענעם פאך.

out of employ' (אוט אוו עם-פלאי') אהן בעשעפטיגונג, אויסער בעשעפטיגונג.

out of fash'ion (אוט אוו פעש'-אן) אויסער מאדע, ארויס פון דער מאדע.

out'-of-fash'ion *a.* (אוט'-אוו-פעש'-אן) אלט=מאדיש.

out of frame (אוט אוו פריים) ניט אין דער ארדנונג; שלעכט געשטימט.

out of gear (אוט אוו גיער) ניט אין ארדנונג, קאליע, ניט ארבייטס=פעהיג [וועגען מאשינען].

out of hand (אוט אוו הענד) .1 באלד, תיכף; .2 ארויסגע׳פטר׳ט פון האנד, ארויסגעפארטיגט, אבגעענדיגט.
1. You will pay your debts out of hand. 2. The work is out of hand.

out of hope (אוט אוו האופ) אהן האפנונג, האפנונגסלאז.

out of hu'mor (אוט אוו היו׳-מאר) שלעכט געשטימט, אין שלעכטער לוינע.

out of or'der (אוט אוו אהר׳-דער) .1 ניט אין ארדנונג, קאליע; .2 אויסער ארדנונג, ניט אם פלאץ.
1. The clock is out of order. 2. The chairman declared the motion out of order.

out of place (אוט אוו פליים) ניט אם פלאץ; ניט פאסיג, ניט צונעפאסט.
Your remark was out of place at that time.

out of pock'et (אוט אוו פאק׳-עט) האבען א געלד־פערלוסט; זיין נעענגט אין געלד.
The banker is out of pocket by his last transaction.

out of print (אוט אוו פרינט) אויספערקויפט, ניט בנמצא [וועגען א בוך].

out of ques'tion (אוט אוו קהוועס׳-טשאן) גאר קיין פראגע ניט.

out of qui'et (אוט אוו קהוואי׳-עט) אונרוהיג.

out of reach (אוט אוו ריעטש) ניט דערגרייכבאר.

out of rea'son (אוט אוו ריעזן) אהן א זין, אהן אן אורזאכע, אהן א לאגישען גרונד.

out of reg'ister (אוט אוו רעדזש׳-איס-טער) אין דרוק־ארבייט — ניט צוגעפאסט, ניט גלייך.

out of repair' (אוט אוו רי-פעהר׳) אין א שלעכטען צושטאנד, קאליע.

out of sea'son (אוט אוו סיעזן) ניט צו דער צייט, ניט צו דער רעכטער צייט.

out of sorts (אוט אוו סאהרטס) ניט אויפגעלעגט, ניט מיט אלעמען; וואס עס פעהלען איהם געוויסע מינים דרוק־שריפט [וועגען א זעצער אדער שריפט־קאסטען].

out of square (אוט אוו סקהוועהר) ניט אויסער ארדנונג, אראב פון וועג, ניט ריכטיג, ניט קארעקט; ניט געצייכענט אדער ניט אויסגעשניטען אין קוואדראט אדער מיט רעכטע ווינקלען.

out of the com'mon (אוט אוו טהי קאמ׳-אן) ז. *out of common*.

out'-of-the-way' *a.* (אוט׳-אוו-טהי-הוויי׳) .1 אבגעזונדערט, פערווארפען, ווייט פון בעפעלקערטע געגענדען; .2 וואס איז שווער צו געפינען אדער בעמערקען; .3 אונגעוועהנליך; זאנדערבאר; .4 עקסצענטריש, ניט אנגענומען, אונפאסיג.
1. We intend to spend our vacation in an out-of-the-way village. 2. The lovers meet in out-of-the-way corners. 4. I saw nothing out-of-the-way in his behavior.

out of time (אוט אוו טאים) פערענדיגט די לעהר־צייט [וועגען א לעהר־אינגעל ביי א בעל־מלאכה]; ניט אין צייט, ניט אין דער ריכטיגער צייט.

out of town (אוט אוו טאון) אבגערייזט [פון דער שטאדט]; אויסער דער שטאדט.

out of trim (אוט אוו טרים) ניט אין גלייכארדנונג; ניט באלאנסירט, ניט אין גלייכגעוויכט [וועגען א שיף].

out of tune (אוט אוו טיון) ארויס פון טאן; אונהארמאניש.

out of wed'lock (אוט אוו הוועד׳-לאק) אונפערהייראט.

out of win'ding (אוט אוו הוואינ׳-דינג) אויסגעגלייכט אין א גראדער פלעכע.

out of work (אוט אוו הוואירק) .1 ניט אין ארדנונג, קאליע; .2 אהן ארבייט, אונבעשעפטיגט.
1. The machinery is out of work. 2. The Printers' Union pays out of work benefits to its members.

out on! (אוט אן) שאנדע! שאנדע אויף...; פערפלוכט!
Out on you!

out'-ov'en *n.* (אוט׳-אוו׳ן) א דרויסען־אויווען [אן אויווען אויף וועלכען מען קאכט אין דרויסען].

outpace' *v.* (אוט-פיים׳) אריבעריאגען.

outpar'agon *v.* (אוט-פער׳-ע-גאן) איבערשטייגען אין פארטרעפליכקייט אדער אויסגעצייכענטקייט.

out'-par'ish *n.* (אוט׳-פער׳-איש) א קירכען־בעצירק פון א פארשטאדט אדער פון א דארף.

out'part *n.* (אוט׳-פארט) אן אויסערער טייל.

outpass' *v.* (אוט-פעס׳) אריבעריאגען.

out'-pa'tient *n.* (אוט׳-פיי׳-שענט) א פאציענט וואס געפינט זיך ניט אין שפיטאל נאר ווערט בעהאנדעלט פון שפיטאל־דאקטוירים.

outplay' *v.* (אוט-פליי׳) איבערטרעפען אין שפיעלען; איבערשטייגען; בייקומען.

outpoise' *v.* (אוט-פאיז׳) אריבערוועגען.

out'porch *n.* (אוט׳-פאורטש) אן ארייננאנג, א פארהויז.

out'port *n.* (אוט׳-פאורט) אן אויסען־האפען [א האפען ווייט פון צאל־הויז אדער פון דעם הויפט האנדעלס־פונקט]; אן עקספארט־האפען [פון וועלכען מען עקספארטירט סחורות].

out'post *n.* (אוט׳-פאוסט) אן אויסען־פאסט, א פארפאסט [אן ארמעע־אבטיילונג אדער וואך ווייט פון דער הויפט־ארמעע].

outpour' *v.* (אוט-פאור׳) אויסגיסען, ארויסגיסען.

out'pour *n.* (אוט׳-פאור) אן אויסגוס, אן אויספלוס.

out'pouring *n.* (אוט׳-פאור-אינג) אן אויסגוס, אן אויספלוס, אן אויסשטראמונג.
There was an outpouring of people to see the parade.

outpow'er *v.* (אוט-פאו׳-ער) איבערשטייגען אין כח, איבערוועלטיגען.

outpray' *v.* (אוט-פריי׳) .1 איבערשטייגען אין תפלה טהאן; מתפלל זיין מיט מעהר היץ און אויפריכטיגקייט; .2 איבערשטייגען אלס תפלה.
1. He outprays a saint.

outprize' *v.* (אוט-פראיז׳) איבערטרעפען אין ווערטה.

out'put *n.* (אוט׳-פוט) די צאהל אדער מאס אויסגעארבייטע פראדוקטען; פראדוקציאן, די גרויס פון דער פראדוקציאן.
Division of labor always results in a greater output.

out'quarters *n.* (אוט׳-קהוואהר-טערז) אין מיליטער — דאס אויסען־קווארטיער [ווייט פון דעם הויפט־קווארטיער].

outrace' *v.* (אוט-רייס׳) אריבערשטייגען אין שנעלקייט, אריבעריאגען.

out'rage *n.* and *v.* (אוט׳-ריידזש) .1 א גוואלט־טהאט, א שאנד־טהאט, א סקאנדאל; אונפערשעהמטע חוצפה; גרויזאמקייט; .2 בעפאלען, פערגוואלטיגען, ברוטאל בעהאנדלען; בעגעהן א גוואלט־טהאט אדער א שאנד־טהאט; האנדלען שענדליך, סקאנדאלעז אדער מיט אונפערשעהמטער חוצפה.
1. It is an outrage to maltreat children. 2. It is dangerous for a government to outrage public opinion.

outrage' *v.* (אוט-ריידזש׳) איבערשטייגען אין גרימצארן.

outra'geous *a.* (אוט-ריי׳-דזשאס) גוואלטיג, גוואלטזאם; שוידערליך; גרויזאם; שענדליך, סקאנדאלעז; אונפערשעהמט־חוצפה׳דיג.

outra'geously *adv.* (אוט-ריי׳-דזשאס-לי) אונגעהייער, שוידערליך, גוואלטיג; שענדליך, סקאנדאלעז, אונפערשעהמט־חוצפה׳דיג.

outra'geousness *n.* (אוט-ריי׳-דזשאס-נעס) גוואלטיגקייט, גוואלטזאמקייט, שוידערליכקייט; שענדליכקייט, דאס זיין סקאנדאלעז.

out'rager *n.* (אוט׳-ריי-דזשער) א פערגוואלטיגער; איינער וואס האנדעלט שענדליך אדער סקאנדאלעז.

outrank' *v.* (אוט-רענק׳) איבערטרעפען אין ראנג; שטעהן העכער אלס...
A major outranks a captain.

outray' *v.* (אוט-ריי׳) ארויסשטראהלען.

outré' *a.* (אוה-טריי׳) מאדנע; איבערטריבען.

outreach' *v.* (אוט-ריעטש׳) .1 אריבערגרייכען, גרייכען ווייטער; .2 איבערכיטרעווען, בעשווינדלען; .3 גרייכען, זיך אויסברייטען, זיין פערשפרייט.
1. Will the skyscrapers ever outreach the clouds?

outrea'son *v.* (אוט-ריע׳זן) איבערטרעפען אין אורטיילס־קראפט, בעזיעגען מיט ארגומענטען.
As a lawyer, he can outreason his adversary.

outreck'on *v.* (אוט-רעק׳ן) אריבערצעהלען, איבערשטייגען אין צעהלען אדער רעכנען.

outred'den *v.* (אוט-רעד׳ן) איבערשטייגען אין רויטקייט, זיין רויטער, ווערען רויטער.

outreign' *v.* (אוט-רייז׳) הערשען לענגער, הערשען די גאנצע [בעשטימטע] צייט.

outride' *v.* (אוט-ראיד׳) אריבעררייטען, איבעריאגען אין רייטען; אויסרייטען; רייטען פארויס אדער ביי דער זייט פון אן עקיפאזש אלס בעגלייטער.

out'ride *n.* (אוט׳-ראיד) דאס אויסרייטען; א רייט־פלאץ.

out'rider *n.* (אוט׳-ראי-דער) א פאררייטער, א רייטענדער בעגלייטער, איינער וואס רייט פארויס [פאר אן עקיפאזש].

out'rigger *n.* (אוט׳-ריג-ער) עטוואס וואס שטארצט ארויס [ווי למשל, געוויסע באלקענס אויף א שיף צום אנציהען זעגלען, א שטיקעל אייזען ביי א רודער־שיפעל, צו פערהאלטען די לאפעטעס ביים רודערען, אן ארויסשטארצונג ביי א רודער־שיפעל, וואס לאזט ניט דאס שיפעל זיך איבערקעהרען א. ז. וו.]; א שיפעל וואס האט א פארריכטונג, עס זאל זיך ניט קענען איבערקעהרען; א פערד־געשפאן ביי דער זייט.

outright' *adv.* (אוט-ראיט׳) .1 גלייך, דירעקט; באלד, מיט איין מאל; פאלשטענדיג, אין גאנצען; .2 קורץ און שארף, אהן ווייטערע טענות.
2. We settled the bargain outright.

out'right *a.* (אוט׳-ראיט) .1 דורך און דורך, פאלשטענדיג; .2 דירעקט, גלייך; .3 גאנץ, וואס איז דער סך הכל.
1. He is known for his outright wickedness. 3. We were paid the outright sum of $3000.

outri'val *v.* (אוט-ראי׳-וועל) איבערטרעפען, איבערשטייגען.

out'road *n.* (אוט׳-ראוד) אן עקסקורסיע, אן עקספעדיציע.

outroar' *v.* (אוט-ראור׳) איבעררעווען,

איבערשרייען, רעוועז אדער שרייען שטארקער.

out'room *n.* (אוט'-רוהם) א זייטען=צימער.

outroot' *v.* (אוט-רוהט') אויסראטען, אויסווארצלען.

outrun' *v.* (אוט-ראן') 1. אריבעריאגען, אריבערלויפען; ארויסלויפען; אריבערשטייגען, בייקומען; 2. אנטרינען; אויסמיידען; זיך ראטעווען פון עפעס; 3. איבערטרעפען, אריבערשטייגען.

2. Let us hope, the scoundrel will not **outrun** punishment. 3. His tongue **outruns** his knowledge.

outrun' the con'stable (אוט-ראן' טהי קאנ'-סטעבל) אויסמיידען דעם עניז, ווען עס פעהלען אוים ארגומענטען; לעבען איבער די מיטלען.

outrush' *v.* (אוט-ראש') ארויסשטראמען, ארויספליסען מיט קראפט.

out'rush *n.* (אוט'-ראש) א שנעלע קרעפטיגע אויסשטראמונג, א שטארקער שנעלער אויספלוס.

outsail' *v.* (אוט-סייל') אריבערזעגלען; אריבעריאגען [ווענען א שיף].

out'-sale *n.* (אוט'-סייל) אן עפענטליכער אויספערקויף, אן אויקציאן, א ליציטאציע.

outscold' *v.* (אוט-סקאולד') איבערשטייגען אין שילטען אדער זידלען.

outscorn' *v.* (אוט-סקאהרן') בייקומען דורך שטאלץ אדער פעראכטונג; זיך ניט קימערען, זיך אויסלאכען.

The pyramids **outscorn** time and oblivion.

out'scouring *n.* (אוט'-סקאור-אינג) דאס וואס ווערט אויסגעשווינקט אדער אויסגעריבען.

outsell' *v.* (אוט-סעל') איבערטרעפען אין פערקויפען, פערקויפען מעהר; פערקויפען טייערער.

out'sentry *n.* (אוט'-סענ-טרי) אן אויסען=וואך, די ווייטסטע וואך, דער פארפאסט [אין מיליטער].

out'set *n.* (אוט'-סעט) אן אנפאנג, דער ערשטער שריט.

out'setting *n. and a.* (אוט'-סעט-אינג) 1. אן אנפאנג, דער ערשטער שריט; 2. וואס איז געריכטעט פון ברעג אדער ארויס=צו.

2. A strong **outsetting** tide.

out'settlement *n.* (אוט'-סעטל-מענט) אן אויסערליכע בעזעצונג אדער קאלאניע [ווייט פון דער הויפט בעזעצונג].

out'settler *n.* (אוט'-סעט-לער) אן אבגעזונדערטער קאלאניסט, איינער וואס וואהנט ווייט פון די הויפט בעזעצונגען.

outshine' *v.* (אוט-שאין') ארויסשיינען; איבערשטייגען אין שיין אדער גלאנץ; איבערטרעפען אין גוטע מעלות.

outshoot' *v.* (אוט-שוהט') אריבערשיסען, שיסען ווייטער; איבערטרעפען אין שיסען.

outside' *a., adv., prep. and n.* (אוט-סאיד') אויסערליך; אויבערפלעכליך; עקסטרעם; וואס איז ניט דירעקט פעראינטערעסירט; פון אויסען; אין דרויסען; אויף'ן ים; ארויס; פון דער אויסען=זייט; פון יענער זייט; די אויסערליכע זייט; דער אויסערליכער טייל; איינער וואס איז אויסער עפעס; א אויסענוועניגסטער פאסאזשיר [וואס זיצט ניט אין וואגען, נאר אויף דער קעלניע א. ז. וו.]; אויסערליכקייט; א פארמאליטעט; דאס העכסטע, דאס העכסט=מעגליכע.

outsi'der *n.* (אוט-סאי'-דער) א זייטיגער מענש; איינער וואס איז אויסער עפעס, וואס נעהמט ניט קיין אנטייל אדער איז ניט דירעקט פעראינטערעסירט אין עפעס; איינער וואס איז ניט ערפאהרען אדער ניט בעקאנט מיט עפעס; א וועט=לויף פערד, אויף וועלכען מען וועט וועניג.

outsi'ders *n.* (אוט-סאי'-דערז) אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען קען פון דרויסען אויפשליסען א טהיר=שלאס, כאטש דער שליסעל שטעקט אין שלאס פון אינוועניג [אויף דער גנבים=שפראך].

outsit' *v.* (אוט-סיט') זיצען לענגער [ווי די בעשטימטע צייט אדער ווי אן אנדערער]; אויסמאטערען דורך זיצען.

out'skirt *n.* (אוט'-סקוירט) 1. א ברעג, א זוים; א פארשטאדט; 2. אן אומגעגענד.

2. Our home is situated on the **outskirts** of the city.

outsleep' *v.* (אוט-סליעפ') פערשלאפען.

outslept' (אוט-סלעפט') פערשלאפען. ז. *outsleep*.

outslide' *v.* (אוט-סלאיד') זיך ארויסגליטשען, זיך גליטשען פארווערטס.

outsold' (אוט-סאולד') איבערטראפען אין פערקויפען; פערקויפט טייערער. ז. *outsell*.

out'span *v. and n.* (אוט'-ספען) אויסשפאנען אן אקס אדער פערד; אראבנעהמען דעם זאטעל פון א פערד; זיך אבשטעלען, מאכען א לאגער; אויסשפאנונג; א לאגער=פלאץ.

outspar'kle *v.* (אוט-ספאר'קל) אריבערגלענצען, אריבערשיינען.

outspeak' *v.* (אוט-ספיעק') איבערטרעפען אין רעדען; זאגען אדער אויסדריקען מעהר; זיין העכער אין בעדייטונג; אויסשפרעכען, ארויסרעדען.

outspeed' *v.* (אוט-ספיעד') איבערשטייגען אין שנעלקייט, אריבעריאגען.

outspend' *v.* (אוט-ספענד') מאכען גרעסערע אויסגאבען, איבערשטייגען אין אויסגאבען.

outspent' *a.* (אוט-ספענט') אין גאנצען אויסגעמאטערט אדער ערשעפט.

Outspent with the long journey, the travelers encamped on the outskirts of a forest.

outspin' *v.* (אוט-ספין') אויסשפינען, ענדיגען; ערשעפען.

out'spoken *a.* (אוט'-ספאוקן) 1. אויסגעשפראכען; 2. אפען, אפענהערציג, פריי, דרייסט.

1. He is an **outspoken** radical. 2. The nomination of the candidate met with **outspoken** disapproval.

out'spokenness *n.* (אוט'-ספאוקנ-נעס) אויסגעשפראכענקייט; אפענהערציגקייט.

outsport' *v.* (אוט-ספאורט') איבערטרעפען אין ספארט אדער אין לוסטיגקייט.

outspread' *v.* (אוט-ספרעד') אויסברייטען, אויסשפרייטען.

out'spring *n.* (אוט'-ספרינג) א פאלגע, א רעזולטאט, א פועל=יוצא.

outstand' *v.* (אוט-סטענד') בלייבען לענגער ווי...; ארויסשטארצען; זיך אויסצייכנען; בלייבען, איבערבלייבען.

outstan'ding *a.* (אוט-סטענ'-דינג) 1. וואס בלייבט לענגער ווי...; 2. ארויסשטארצענד; זיך אויסצייכנענד מיט...; 3. וואס בלייבט [אונבעריהרט, ניט בעצאהלט א. ז. וו.].

2. The **outstanding** feature of the bridge is its immensity. 3. The merchant has many **outstanding** debts.

outstare' *v.* (אוט-סטעהר') ברייננען אין פערלעגענהייט אדער ענטמוטיגען דורך א קוק.

out'start *n.* (אוט'-סטארט) אן ארויסטריט, אן אנהויב.

outstay' *v.* (אוט-סטיי') בלייבען לענגער ווי...

As a visitor be careful not to **outstay** your welcome.

outstep' *v.* (אוט-סטעפ') איבערטרעטען; אריבעריאגען, איבערטרעפען.

out'-street *n.* (אוט'-סטריעט) אן אבגעלעגענע גאס; א גאס אויסער די גרענעצען פון שטאדט.

outstretch' *v.* (אוט-סטרעטש') אויסשטרעקען, אויסשפרייטען.

outstride' *v.* (אוט-סטראיד') געהן שנעלער, געהן מיט גרעסערע טריט.

outstrike' *v.* (אוט-סטראיק') איבערטרעפען אין שלאגען; געבען גרעסערע קלעפ; אויסשטרייכען, אויסמעקען.

outstrip' *v.* (אוט-סטריפ') אריבעריאגען, איבערטרעפען; אנטרינען, אנטלויפען.

outswear' *v.* (אוט-סהוועהר') איבערטרעפען אין שווערען, מעהר שווערען אלס...; ערגער פלוכען, איבערטרעפען אין קללות.

outswell' *v.* (אוט-סהוועל') ווערען מעהר אנגעשוואלען ווי...

out-talk' *v.* (אוט-טאהק') אריבערריידען, איבערשטייגען אין ריידען, גובר זיין מיט'ן ריידען, ברייננען צום שווייגען.

out-tongue' *v.* (אוט-טאנג') אריבערשרייען.

out-top' *v.* (אוט-טאפ') אריבערשטייגען, דערגרייכען העכער.

out'-turn *n.* (אוט'-טוירן) ז. *output*.

out upon'! (אוט א-פאן') פוי! שאנדע!

outval'ue *v.* (אוט-וועל'-יו) איבערשטייגען אין ווערטה.

outvie' *v.* (אוט-וואי') איבערטרעפען, איבערשטייגען.

The soldiers **outvied** one another in bravery.

outvil'lain *v.* (אוט-וויל'-ען) איבערשטייגען אלס יונגאטש אדער אויסוואורף.

outvoice' *v.* (אוט-וואיס') איבערשרייען.

outvote' *v.* (אוט-וואוט') איבערשטימען, בעזיעגען מיט דער מעהרהייט פון שטימען; איבערשטייגען אין דער צאהל.

out'voter *n.* (אוט'-וואו-טער) א וועהלער וואס וואהנט ניט אין דעם בעצירק, וואו ער גיט אב זיין שטימע.

outwait' *v.* (אוט-הווייט') אריבערווארטען, איבערשטייגען אין ווארטען, ווארטען לענגער.

outwake' *v.* (אוט-הווייק') וואכען מעהר אדער לענגער אלס...

outwalk' *v.* (אוט-הוואהק') איבערטרעפען אין געהן.

out'wall *n.* (אוט'-הוואהל) אן אויסערער מויער, אן אויסערע וואנד.

out'ward *adv., a. and n.* (אוט'-הווארד) ארויס, אויסער, ארויס=צו; אויסער דעם האפען; נאך אויסלאנד; פון דרויסען, פון דער אויסען=זייט; אויסערליך; מערקבאר; שיינבאר; גשמיות'דיג, קערפערליך; עטוואס וואס איז אויסען, די אויסערליכע וועלט.

out'-ward *n.* (אוט'-הוואהרד) א זייטיגע פאלאטע, א זייטיגע אבטיילונג [פון א שפיטאל]; אן אויסערליכער בעצירק [אויסער די פריהריגע גרענעצען פון א שטאדט].

out'ward-bound *a.* (אוט'-הווארד-באונד) וואס געהט אוועק פון א האפען אדער לאנד.

out'wardly *adv.* (אוט'-הווארד-לי) אויסערליך, פון דער אויסען=זייט; מערקבאר; ארויס=צו.

out'wardness *n.* (אוט'-הווארד-נעס) אויסערליכקייט.

out'wards *adv.* (אוט'-הווארדז) ארויס,

אויסער, ארויס-צו; אוועק פון האפען, נאך אויסלאנד; פון דרויסען; מערקבאר, שיינבאר.

out'ward-sain'ted *a.* (אוט'-הווארד-סיינ'-טעד) כלומר'שט הייליג; היפאקריטיש.

out'wash *n. and a.* (אוט'-הוואש) אויסשווענקונג; עטוואס וואס ווערט אויסגעשווענקט; וואס איז שייך צו די ברעגען פון מארענע. ז. ***moraine***

outwatch' *v.* (אוט-הוואטש') איבערטרעפען אין וואכזאמקייט, איבערשטייגען אין פארזיכטיגקייט.

out'way *n.* (אוט'-הוויי) אן אויסוועג, אן אויסגאנג.

outwear' *v.* (אוט-הוועהר') אבניצען, אבטראגען; מאכען פערעלטערט; פערברייננגען [צייט]; אויסהאלטען אדער ווארטען ביז צו ענדע; איבערלעבען, נעדויערען לענגער.

outwear'y *v.* (אוט-הוויער'-אי) אויסמאטערען.

outweed' *v.* (אוט-הוויעד') אויסיעטען, אויספאלען [אויסראטען אדער אויסווארצלען די זייטיגע פלאנצען].

outweep' *v.* (אוט-הוויעפ') מעהר וויינען אלס...

outweigh' *v.* (אוט-הוויי') אריבערוועגען; זיין שווערער אדער וויכטיגער אלס...; זיין צו שווער.

out'weight *n.* (אוט'-הווייט) דאס געוויכט פון סחורות וואס מען געפינט אויס נאכדעם ווי מען האט זיי ארויסגענומען פון מאגאזין.

outwell' *v.* (אוט-הוועל') ארויסגיסען, ארויסשטראמען; זיך ארויסגיסען, א שטראם טהאן.

out'welling *n.* (אוט'-הוועל-אינג) אן אויספלוס, אן אויסשטראמונג.

outwent' (אוט-הוועגט') אריבערגעיאגט; איבערגעטראפען. ז. ***outgo***

ox'id *n.* (אק'-סיד) אן — אין כעמיע אקסיד, א זויער=שטאף=פערבינדונג, א כע= מישע פערבינדונג פון זויער=שטאף מיט אן אנדער עלעמענט.

oxidabil'ity *n.* (אק-סי-דע-ביל'-אי-טי) אקסידירבארקייט, דאס קענען פערוואנ= דעלט ווערען אין אן אקסיד. ז. *oxid*.

ox'idable *a.* (אק'-סי-דעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין אן אקסיד. ז. *oxid*.

ox'idate *v.* (אק'-סי-דייט) פערוואנד= לען אין אן אקסיד, פעראייניגען מיט זויי= ער=שטאף [ווי געוויסע מעטאלען].

oxida'tion *n.* (אק-סי-דיי'-שאן) דאס אקסידירען, דאס פערבינדען א געוויסען כעמישען עלעמענט מיט זויער=שטאף.

oxida'tional *a.* (אק-סי-דיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אקסידירונג אדער פער= אייניגונג פון א כעמישען עלעמענט מיט זויער=שטאף.

ox'idize *v.* (אק'-סי-דאיז) אקסידירען, פעראייניגען א געוויסען כעמישען עלע= מענט מיט זויער=שטאף.

ox'idizement *n.* (אק'-סי-דאיז-מענט) ז. *oxidation*.

ox'lip *n.* (אקס'-ליפ) אזא ענגלישע בלום וואס ווערט קולטיווירט אין אמעריקא און ווערט בענוצט אלס א מיטעל איינצושטי= לען שמערצען.

Oxon. פערקירצונג פון דעם לאטיינישען נאמען פון דער שטאדט אקספארד אין ענג= לאנד [ווערט אפט געברויכט אין דיפלא= מען וואס ווערען ארויסגעגעבען פון אקס= פארדער אוניווערזיטעט].

Oxo'nian *a. and n.* (אק-סאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו אקספארד [אין ענג= לאנד]; א געבארענער, אדער בירגער פון אקספארד; א סטודענט פון אקספארדער אוניווערזיטעט.

ox'pecker *n.* (אקס'-פעק-ער) דער אק= סען=פיקער [א קליינער אמעריקאנישער פויגעל, וועלכער ערנעהרט זיך מיט פארא= זיטען און אינזעקטען, וואס ער פיקט אוים פון דער פעל פון בהמות].

ox'-stall *n.* (אקס'-סטאהל) אן אקסען= שטאל.

ox'ter *n.* (אקס'-טער) דער פאכווע, די ארם.

ox'-tongue *n.* (אקס'-טאנג) די אקסען= צונג, איינע פון א צאהל פערשיעדענ= ארטיגע פלאנצען, ביי וועלכע די בלעטער האבען די פארם פון אן אקסען=צונג.

oxya'phia *n.* (אק-סי-איי'-פי-א) אן אוננארמאלע שארפקייט פון חוש=המישוש.

oxyblep'sia *n.* (אק-סי-בלעפ'-סי-א) אן אוננארמאלע שארפקייט פון חוש=הראיה.

oxycal'cium light (אק-סי-קעל'-סי- אם לאיט) דאס קאלך=ליכט. ז. *calcium light*.

oxychlo'rid *n.* (אק-סי-קלאו'-ריד) אקסי= כלאריד, א כעמישע פעראייניגונג פון כלאריד מיט זויער=שטאף. ז. *chlorid*.

oxychlo'ride *n.* (אק-סי-קלאו'-ריד) ז. *oxychlorid*.

ox'ycrate *n.* (אק'-סי-קרייט) עסיג=ווא= סער [וואסער געמישט מיט עסיג].

ox'yd *n.* (אק'-סיד) ז. *oxid*.

ox'ydable *a.* (אק'-סי-דעבל) ז. *oxidable*.

ox'ydate *v.* (אק'-סי-דייט) ז. *oxidate*.

oxyda'tion *n.* (אק-סי-דיי'-שאן) ז. *oxidation*.

ox'ydize *v.* (אק'-סי-דאיז) ז. *oxidize*.

ox'ygen *n.* (אק'-סי-דזשען) אקסיגען, זויער=שטאף [איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען. ער איז א גאז אהן קא= ליר און אהן גערוך. אן ערך פיער פינפ= טעל פון דער לופט בעשטעהט פון זויער= שטאף. אין פעראייניגונג מיט וואסער= שטאף בילדעט ער אוים וואסער].

ox'ygenate *v.* (אק'-סי-דזשע-נייט) פעראייניגען אדער אנזעטיגען מיט זויער= שטאף; אקסידירען. ז. *oxidate*.

oxygena'tion *n.* (אק-סי-דזשע-ניי'- שאן) די פעראייניגונג מיט זויער=שטאף, די איבערזעטיגונג מיט זויער=שטאף; די אקסידירונג. ז. *oxidation*.

oxygen'ic *a.* (אק-סי-דזשען'-איק) אקסי= געניש; וואס איז שייך צו זויער=שטאף.

ox'ygenize *v.* (אק'-סי-דזשע-נאיז) ז. *oxygenate*.

oxyg'enous *a.* (אק-סידזש'-ע-נאס) אקסי= געניש, וואס געהערט צו זויער=שטאף; וואס ענט= האלט זויער=שטאף.

ox'ygon *n.* (אק'-סי-גאן) אין געאמעטריע — א דריי=עק, ביי וועלכען אלע דריי ווינקלען זיינען שפי= ציג.

Oxygon

oxyg'onal *a.* (אק-סיג'-א-נעל) שפיץ= עקיג, שפיץ=ווינקעלדיג.

ox'ygone *n.* (אק'-סי-גאון) ז. *oxygon*.

oxygo'nial *a.* (אק-סי-גאו'-ני-על) ז. *oxygonal*.

oxyhy'drogen *a.* (אק-סי-האי'-דרא- דזשען) וואס איז שייך אדער בעשטעהט פון א כעמישער פערבינדונג פון זויער= שטאף מיט וואסער=שטאף.

ox'ymel *n.* (אק'-סי-מעל) זויער=האניג, עסיג=האניג [א געמיש פון עסיג מיט הא= ניג].

oxymo'ron *n.* (אק-סי-מאו'-ראן) דאס אקסימאראן, די פערבינדונג פון צוויי ווערטער, וועלכע זיינען אין עצם סותר איינע די אנדערע, ווי למשל: "ער האט געקוקט אויף איהם מיט אכזריש= מילדע בליקען".

ox'-yoke *n.* (אקס'-יאוק) אן אקסען=יאך, א געשפאן פאר אקסען.

oxyo'pia *n.* (אק-סי-או'-פי-א) אן אונ= נארמאלע שארפקייט פון אויג, וואס נעהמט זיך פון א צו=שטארקער עמפפינדליכקייט פון דעם נעץ=הייטעל.

ox'yopy *n.* (אק'-סי-או-פי) ז. *oxyopia*.

oxyosphre'sia *n.* (אק-סי-אס-פרי'-סי- א) אן אוננארמאלע שארפקייט פון חוש הריח.

oxypho'nia *n.* (אק-סי-פאו'-ני-א) א הויכע, שניידענדע שטימע.

ox'yphony *n.* (אק'-סי-פאו-ני) ז. *oxyphonia*.

oxyr'rhodin *n.* (אק-סיר'-א-דין) רויזען= עסיג [א געמיש פון עסיג מיט רויזען= אויל, וואס דיענט אלס זאלב ביי געוויסע קראנקהייטען].

oxyr'rhodine *n.* (אק-סיר'-א-דין) ז. *oxyrrhodin*.

oxysacch'arum *n.* (אק-סי-סעק'-ע- ראם) א געמיש פון עסיג מיט צוקער.

ox'ytone *a., n. and v.* (אק'-סי-טאון) אין גראמאטיק — וואס האט א שארפען אקצענט אויף דער לעצטער זילבע; א ווארט מיט א שארפען אקצענט אויף דער לעצטער זילבע; אויסרעדען א ווארט מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxytone'sis *n.* (אק-סי-טא-ני'-סיס) דאס אויסרעדען אדער פונקטירען ווערטער מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyton'ical *a.* (אק-סי-טאנ'-אי-קעל) ז. *oxytone*.

ox'ytonize *v.* (אק'-סי-טאו-נאיז) אויס= רעדען א ווארט מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyu'rous *a.* (אק-סי-יו'-ראס) וואס האט א שארפען אדער שפיציגען עק.

o'yer *n.* (או'-יער) א פערהער, א געריכטס=פערהער; דאס אויסהערען די טענות פון די צדדים אויף'ן געריכט; דאס צוייגען פאר'ן געריכט א דאקומענט אדער א קאפיע פון דאקומענט, וועלכען דער געגען=צד האט דערמאהנט אין זיינע טענות.

o'yes *int.* (או'-יעס) הערט! הערט אויס! [אן אויסרוף פון בעאמטען אין א געריכטס=הויז, אז דער עולם זאל ווערען שטיל און אויפמערקזאם].

o'yez *int.* (או'-יעז) ז. *oyes*

oys'ter *n. and v.* (אים'-טער) אן אויסטריצע, אן אויסטער [א מין עסבארע מאלוסקע אין א מושעל, וואס בעשטעהט פון צוויי ניט גלייכע דעקלעך]; בעשעפטיגען זיך מיט כאפען אויסטערס.


Oyster

oys'ter-bank *n.* (אים'-טער-בענק) ז. *oyster-bed*

oys'ter-bed *n.* (אים'-טער-בעד) א קופע ערד אונטערן וואסער אויף וועלכער עס געפינען זיך אויסטערס; א שיכט אין דער ערד וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע אויסטערס.

oys'ter-catch'er *n.* (אים'-טער-קעטש'-ער) דער אויסטער=פישער [א שווארצער פויגעל מיט ווייסע ראנדען אויף'ן עק און אויף די פליגלען, געפינט זיך כמעט אין אלע טיילען פון דער וועלט און ערנעהרט זיך מיט קליינע אויסטערס און מאלוסקען].

oys'ter-cul'ture *n.* (אים'-טער-קאל'-טשור) אויסטער=צוכט, דאס קולטיווירען אדער האדעווען אויסטערס.

oys'ter-dredge *n.* (אים'-טער-דרעדזש) א מין קליינע נעץ צו כאפען אויסטערס.

oys'terer *n.* (אים'-טער-ער) איינער וואס האנדעלט מיט אויסטערס.

oys'ter-farm *n.* (אים'-טער-פארם) אן ארט וואו מען האדעוועט אויסטערס.

oys'ter-far'ming *n.* (אים'-טער-פאר'-מינג) דאס האדעווען אויסטערס.

oys'ter-fish'ery *n.* (אים'-טער-פיש'-ער-אי) אויסטער=פישעריי, דער אויסטער=פאנג.

oys'ter-fish'ing *n.* (אים'-טער-פיש'-אינג) דאס פאנגען אויסטערס.

oys'ter-knife *n.* (אים'-טער-נאיף) א מעסער, מיט וועלכען מען עפענט פאנאנדער די דעקלעך פון אן אויסטער=מושעל.

oys'terling *n.* (אים'-טער-לינג) א קליין אויסטערעל.

oys'terman *n.* (אים'-טער-מען) אן אויסטער=הענדלער.

oys'ter-plant *n.* (אים'-טער-פלענט) א מין גראז מיט איינציגע געלבע קערבעלעך אויף די שפיצען פון די שטענגלעך. דער ווארצעל ווערט געברויכט אין עסען אלס א סאלאט.

oys'ter-shell *n.* (אים'-טער-שעל) אויסטער=שאלעכץ [דער מושעל פון אן אויסטער].

oys'ter-tongs *n.* (אים'-טער-טאנגז) אן אינסטרומענט ארויסצושלעפען אויסטערס פון טיפען וואסער.

Oyster-tongs

oys'ter-wom'an *n.* (אים'-טער-הוואומ'-ען) אן אויסטער=הענדלערין.

ozæ'na *n.* (א-זיע'-נא) א שטינקענדער געשוויר אין נאז.

ozoce'rite *n. and v.* (או-זא-סי'-ראיט) אזאקעריט אדער ערד=וואקס [א וואקס=פערמיגער מינעראל, וואס ווערט בענוצט אין דער פראדוקציאן פון צערעזין און פאראפין, וועלכע מען געברויכט אין דער פראדוקציאן פון וועקסענע און סטעארינעווע ליכט]; ברויכען אזאקעריט.

ozoke'rite *n. and v.* (או-זא-קי'-ראיט) ז. *ozocerite*

ozona'tion *n.* (או-זא-ניי'-שאן) דאס ברויכען אזאן. ז. *ozone*

o'zone *n.* (או'-זאון) אזאן [זויער=שטאף, וואס האט בעקומען נייע איינגענשאפטען דורך דער ווירקונג פון עלעקטריציטעט. דאס אזאן האט א בעזונדערען שטארקען גערוך, פערניכטעט מיאזמען און שלעכטע ריחות און ווירקט אויף דער אבבלייכונג פון פערשידענע פארבען].

o'zone-pa'per *n.* (או'-זאון-פיי'-פער) אזאן=פאפיער [א פאפיער, וואס איז דורכגעזאפט מיט געוויסע כעמישע מאטעריאלען און ווערט בענוצט צו פרובירען צי איז פאראן אין דער לופט אזאן]. ז. *ozone*

ozo'nic *a.* (או-זאו'-ניק) אזאניש; וואס איז שייך צו אזאן.

ozonif'erous *a.* (או-זא-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אזאן.

ozonifica'tion *n.* (או-זאו-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין אזאן.

ozo'nify *v.* (או-זאו'-ני-פאי) פערוואנדלען אין אזאן.

ozonog'rapher *n.* (או-זא-נאג'-רע-פער) איינער וואס פרובירט די לופט, אויף וויפיעל אין איהר געפינט זיך אזאן.

ozonom'eter *n.* (או-זא-נאמ'-ע-טער) דער אזאן=מעסטער [אן אינסטרומענט וואס מעסט די קוואנטיטעטען פון אזאן אין דער לופט]. ז. *ozone*

ozo'noscope *n.* (או-זאו'-נא-סקאופ) ז. *ozone-paper*

ozonoscop'ic *a.* (או-זאו-נא-סקאפ'-איק) וואס צייגט אן די אנוועזענהייט פון אזאן [ווי למשל אזאן=פאפיער]. ז. *ozone-paper*

P

P, p (פי) דער זעכצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

p. פערקירצונג פון *piano* אדער *page* [אין מוזיק — שוואך, שטיל].

p. a. ראשי תבות פון די ווערטער *participial adjective* [א פארטיציפיום=בייווארט, א פארם פון א צייטווארט וואס דיענט אלס בייווארט] אדער פון די ווערטער *per annum* [יעהרליך].

Pa. אבקירצונג פון *Pennsylvania* [פענסילווייניא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

pa *n.* (פא) א קינדערשער אויסדרוק פאר *papa*

paal'stab *n.* (פאל'-סטעב) ז. *palstaff*

pabouche' *n.* (פע-בוהש') א טופליע, א שטעק=שוך.

pab'ular *a.* (פעב'-יו-לאר) נעהרענד; נאהרהאפט; וואס נעהרט.

pab'ulous *a.* (פעב'-יו-לאס) ז. *pabular*

pab'ulum *n.* (פעב'-יו-לאם) נאהרונג; שפייז; גייסטיגע שפייז.

pac'a *n.* (פעק'-א) דאס פאקא [אזא דרום=אמעריקאנישע גריזשענדע חיה פון רויטליכען אדער ברוינעם קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Paca

pa'cable *a.* (פיי'-קעבל) וואס קען בערוהיגט ווערען; וואס איז פריעדליך געשטימט; וואס לאזט זיך איבערבעטען.

paca'tion *n.* (פע-קיי'-שאן) די בערוהיגונג; די איינשטילונג.

pa'ce *adv. and prep.* (פיי'-סיע) מיט דער ערלויבניש [פון אימעצען].

pace *n. and v.* (פיים) א טריט, א שריט; א לענג=מאס פון אונגעפעהר דריי פוס; דער גאנג; די גאנג=ארט פון א פערד, ווען ביידע פיס פון איין זייט זיינען אויפגעהויבען אין איין צייט; א קליינע פלאטפארמע וואס איז עטוואס העכער פון באדען; א טרעפ; מאכען שריט, שרייטען, געהן; געהן טריט ביי טריט; מעסטען מיט די טריט; געהן אדער לויפען גלאט, ניט שפרינגענדיג אדער אויפהויבענדיג מיט איין מאל ביידע פיס פון איין זייט [וועגען א פערד].

pace'-eggs *n.* (פיים'-עגז) פסח'דיגע אייער [הארט געקאכטע און געפארבטע אייער וואס מען גיט קינדער אין קריסטליכען פסח].

pace for pace (פיים פאר פיים) שריט ביי שריט.

pa'cer *n.* (פיי'-סער) איינער, וועלכער מאכט שריט אדער מעסט עפעס מיט זיינע שריט; א פערד, וועמעס נאטירליכער גאנג איז אזוי, דאס ביידע פיס פון יעדער זייט זיינען ביי איהם אין איין צייט אויפגעהויבען אדער ארונטערגעלאזען; א שנעל פערד; יעדע זאך, וואס ווייזט ארויס שנעלקייט און טהעטיגקייט.

pacha' *n.* (פא-שא') ז. *pasha*

pacha'lic *a.* (פא-שא'-ליק) ז. *pashalic*.

pachi'si *n.* (פע-טשי'-סי) א מין שפיעל אין ביינדלעך וואס ווערט געשפיעלט פון פיער פערזאנען. ז. *back-game*.

pach'yderm *a. and n.* (פעק'-אי-דוירם) מיט א גראבער הויט; א חיה אדער בהמה וואס האט קלויען [קאפי-טעס] און איז ניט מעלה-גרה.

Pachyder'mata *n.* (פעק-אי-דויר'-מע-טא) חיות וואס האבען קלויען [קאפי-טעס] און זיינען ניט מעלה-גרה [ווי אן עלעפאנט, א פערד א. ז. וו.].

pachyder'matous *a.* (פעק-אי-דויר'-מע-טאס) מיט א גראבער הויט; אונעמפ-פינדליך צו שטעך-ווערטלעך א. ד. ג.

pachye'mia *n.* (פעק-אי-אי'-מי-א) א צו שטארקע געדיכטקייט פון בלוט.

pachyme'nia *n.* (פעק-אי-מי'-ני-א) א פערדיקונג פון דער הויט.

pachymeningi'tis *n.* (פעק-אי-מענ-אינ-דזשאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון היי-טעל וואס בעדעקט די געהירן אדער דעם רוקען-מארך.

pachym'eter *n.* (פע-קימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיקקייט פון פאפיער אדער גלאז.

pacif'erous *a.* (פע-סיפ'-ע-ראס) וואס בריינגט פריעדען.

pac'ifiable *a.* (פעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען איינגעשטילט אדער בערוהיגט ווערען.

pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס שטילט איין; וואס בערוהיגט; פריעדליך; שטיל; רוהיג.

Pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס איז שייך צום פאסיפישען אדער שטילען אקעאן [דער גרעסטער אקעאן, וואס ליעגט צווי-שען די מערב-ברעגען פון אמעריקא און די מזרח-ברעגען פון אזיען].

pacif'ically *adv.* (פע-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א פריעדליכען, שטילען אדער בע-רוהיגענדען שטייגער.

pacif'icate *v.* (פע-סיפ'-אי-קייט) מא-כען שלום; בערוהיגען; שטיל מאכען.

pacifica'tion *n.* (פע-סיפ-אי-קיי'-שאן) דאס מאכען שלום; דאס איינשטילען; דאס בערוהיגען.

pacif'icator *n.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טאר) א שלום-מאכער, אן איינשטילער, א בערו-היגער.

pacif'icatory *a.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טא-רי) בערוהיגענד, איינשטילענד.

pac'ifier *n.* (פעס'-אי-פאי-ער) אן איינ-שטילער, א בערוהיגער.

pac'ify *v.* (פעס'-אי-פאי) איינשטילען; בערוהיגען; בריינגען שלום; מאכען פריע-דען.

pack *n. and v.* (פעק) א פאק, א פא-קעט; א געוויסע מאס פון וואל [240 אדער 480 פונט]; א פעקעל גאלד-בלעט-לעך [20 ביכלעך צו 25 בלעטלעך יעדעס]; א לאסט, א שוועריגקייט [ווי א פעקעל צרות]; א טאליע קארטען; א מחנה הינד אדער וועלף; א ראטע, א באנדע, א חברה; א מאסע צוזאמענגעטריבענע קריהעס אויף'ן אייז-מעער; ביי פישער — די מאסע געפאנגענע פיש; אין קויהלען-גרובען — א וואנד אדער זייל פון שטיי-נער אדער גרויסע שטיקער קויהלען, וואס שטיצט אונטער די אויבערלאגע [סטע-ליע] פון דער שאכטע; פערשטאפען מיט עפעס א שפאלט; איינפאקען, צונויפפא-קען; צוזאמענלעגען; איינוויקלען דעם קערפער אין א נאסען ליילעך [ביי די וואס היילען זיך דורך וואסער-קור]; גע-דיכט מאכען; צונויפפרעסען; אין קאר-טען-שפיעל — טאשען אדער אויסמישען די קארטען מיט א שווינדלערישען צוועק; צוזאמענברייינגען מענשען אדער זאכען מיט בעטריגערישע צוועקען; שווינדלען אדער פלאנעווען א שווינדעל; טראגען א פאק אויף די פלייצעס; ארויפלעגען א לאסט; אנלאדען.

pack a commit'tee (פעק ע קא-מיט'-אי) קינסטליך אדער פארטייאיש צוזאמענ-שטעלען א קאמיטעט פון אזעלכע פער-זאנען דורך וועלכע עס איז מעגליך דורכ-צופיהרען די פארשלעגע, וועלכע זיינען ווינשענסווערטה פאר די וואס ווירקען אויף דער צוזאמענשטעלונג פון קאמי-טעט.

pack'age *n.* (פעק'-עדזש) א פעקעל, א קלומעק; א פאק, א פאקעט; די פערפא-קונג; דאס פערפאקען; דאס געצאהלט פאר פאקען.

pack a ju'ry (פעק ע דזשוה'-רי) קינסט-ליך צוזאמענשטעלען געריכטס-געשווארענע אזוי, אז זיי זאלען ארויסטראגען אן אור-טייל וועגען דעם בעשולדיגטען ווי עס ווילט זיך דעם צד, וועלכער ווירקט אויף דער צוזאמענשטעלונג פון די געריכטס-געשווארענע.

pack'-an'imal *n.* (פעק'-ענ'-אי-מעל) א לאסט-טהיער [א בהמה וואס ווערט בע-נוצט צו טראגען משא].

pack away' (פעק ע-הוויי') אוועקפאקען; זיך אבטראגען.

pack'-cloth *n.* (פעק'-קלאהטה) פאק-ליי-וועגט.

pack'er *n.* (פעק'-ער) א פאקער, א פע-קער; א מאשין צו פאקען סחורות; איי-נער וואס טראנספארטירט געפעק אויף לאסט-בהמות [ווי פערד. עזלען א. ד. ג.]; א רעגיערונגס-בעאמטער, וואס האט אויפ-זיכט איבער טראנספארט-געפעק; אין אג-ריקולטור — דער מעכאניזם אין א שנייד-מאשין, וועלכער פרעסט צונויף די אבגע-שניטענע זאנגען און האלט זיי אין דיע-זער לאגע ביז זיי ווערען איבערגעבונ-דען אין סנאפעס; איינער וואס מאכט גע-פעקעלט פלייש.

pack'et *n. and v.* (פעק'-עט) א פאקעט, א פעקעל; א פאקעט-שיף, א פאסט-שיף [א שיף וועלכע פיהרט בריעף און פאקע-טען]; א פאק פון 250 מעטאל-בויגענס אדער בלעך; מאכען א פעקעל; טראנס-פארטירען אדער שיקען אין א פאסט-שיף.

pack'et-boat *n.* (פעק'-עט-באוט) א פא-קעט-שיף, א פאסט-שיף [א שיף, וועלכע פיהרט בריעף און פאקעטען].

pack'et of nee'dles (פעק'-עט אוו ניעדלז) א בריוועל נאדלען.

pack'et-ship *n.* (פעק'-עט-שיפ) ז. *packet-boat*.

pack'et-ves'sel *n.* (פעק'-עט-וועס'-על) ז. *packet-boat*.

pack'fong *n.* (פעק'-פאנג) ארגענטאן אדער כינעזישעס ניי-זילבער [א געמיש פון ניקעל, צינק און קופער]. ז. *paktong*.

pack'horse *n.* (פעק'-האהרס) א לאסט-פערד, א פערד פאר משא; א לאסט-טרע-גער; א הארעפאשניק.

pack'-house *n.* (פעק'-האוס) א פאק-הויז, א שפייכלער.

pack'-ice *n.* (פעק'-אים) צוזאמענגע-דרענגטע קריהעס אויף'ן אייז-מעער.

pack'ing *n.* (פעק'-אינג) דאס איינפא-קען; די פערפאקונג; דאס מאכען געפע-קעלט פלייש; דער מאטעריאל, וואס דיענט איינצופאקען, אנצופילען אדער פערשטא-פען עפעס; אין דרוקערייען — א שטיק ווייך צייג, מיט וועלכען עס איז בעצווי-גען דער צילינדער פון דרוק-פרעס, כדי עס זאל זיין ווייכער זיין דרוק אויף'ן דרוק-בויגען; ביי מויערער — שטיקלעך ציע-געל מיט וואפנע, מיט וועלכע מען פילט אן די איבערגעבליבענע לעכער אין א גע-מויערטער וואנד; דאס שליסען צווישען זיך א געהיימען אבמאך, כדי צו בעטרי-גען אדער בעשווינדלען איינעם; שווינדעל, בעטרוג.

pack'ing-case *n.* (פעק'-אינג-קיים) א קאסטען אין וועלכען מען פאקט איין סחורות אדער אנדערע זאכען.

pack'ing-pa'per *n.* (פעק'-אינג-פיי'-פער) פאק-פאפיער [א דיק פאפיער, אין וועלכען מען פאקט איין סחורות].

pack'ing-press *n.* (פעק'-אינג-פרעס) א פאק-פרעס [א שווערע פרעס, מיט וועל-כער מען מאכט גרויסע פעק פון היי, וואל א. ד. ג.].

pack'ing-sheet *n.* (פעק'-אינג-שיעט) א דעקע צוצודעקען אדער פאקען סחורות; אין וואסער-קור — א נאסער ליילעך, וואס דיענט אלס היילמיטעל ביי געוויסע קראנק-הייטען.

pack'-load *n.* (פעק'-לאוד) די געוועהנ-ליכע משא וואס א לאסט-בהמה קען אויף זיך טראגען [ווי 300 פונט פאר א גרוי-סען עזעל, 150 פונט פאר א קליינעם א. ד. ג.].

pack'man *n.* (פעק'-מען) א פאקען-טרעגער, א קאראבעלניק, א פעדלער.

pack'-mule *n.* (פעק'-מיול) א לאסט-עזעל.

pack'needle *n.* (פעק'-ניעדל) א פאק-נאדעל [א גרויסע נאדעל צו פערנעהען געפעק].

pack of cards (פעק אוו קארדס) א טאליע קארטען.

pack off (פעק אף) זיך אבטראגען.

pack out (פעק אוט) אויס-אויספאקען, לאדען.

The schooner **packed out** 500 barrels of mackerel.

pack'-road *n.* (פעק'-ראוד) א וועג אדער שטעגעל, איבער וועלכען עס קען געהן נור א לאסט-טהיער; אבער ניט קיין וואגען.

pack'-sad'dle *n.* (פעק'-סעד'ל) א פאק-זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען לאדט אן משא אויף א לאסט-טהיער, ווי א פערד, אן עזעל א. ד. ג.].

pack'sheet *n.* (פעק'-שיעט) ז. *packing-sheet*.

pack'thread *n.* (פעק'-טהרעד) פאק-פאדים, בינד-פאדים; שפאגאט.

pack'-train *n.* (פעק'-טריין) א רייה לאסט-טהיערע.

pack up (פעק אפ) איינפאקען; זיין באנקראט; זיך מוזען פאקען אדער אב-טראגען.

pack'ware *n.* (פעק'-הוועהר) די סחורות פון א פאקען-טרעגער אדער פעדלער.

pack'wax *n.* (פעק'-הוועקס) קאסקע [א מין הארט, ווייס פלייש] אין האלז פון בהמות.

pack'way *n.* (פעק'-הוויי) ז. *pack-road*.

pact *n.* (פעקט) א קאנטראקט, אן אבמאך.

pac'tion *n.* (פעק'-שאן) ז. *pact*.

pac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) קאנ-טראקט-מעסיג; ווי אן אבמאך.

pad *n. and v.* (פעד) א גאסען-שטעג; א

רויבער; א קישען, א זיין=קישען; א ווייכער, קישען=עהנליכער אדער אנגעשטאפטער טייל פון עפעס; א פעקעל פאפיער צוזאמענגעקלעפט ווי א בוך; דאס הענטעל פון געוויסע געצייג; א קארב; געהן צו=פוס, געהן לאנגזאם; ארויסגעהן אויף רויב; אויסגלייכען אדער אויסטרעטען [א וועג]; צונויפקלעפען פאפיער אין א פעקעל; אונטערשלאגען [א מאנטעל] מיט וואטע; פאנאנדערשפרייטען, פערגרעסערען עפעס דורך אונניציגען מאטעריאל [ווי למשל א בוך אדער צייטונגס=ארטיקעל].

pad'-brack'et *n.* (פעד'-ברעק'-עט) אין א שטאל — א לייסט אדער א שטיקעל קלאץ, וואס שטארצט ארויס פון וואנד און אויף וועלכען מען הענגט אויף א זאטעל.

pad'-crimp *n.* (פעד'-קרימפ) ביי זאטעל=מאכער — א פרעס מיט וועלכער עס ווערט אויסגעבויגען די לעדער צו בעקומען די פארם פון א זאטעל.

pad'ded cell (פעד'-עד סעל) אין א טורמע אדער משוגעים=הויז — א קאמערעל, וואו די ווענד זיינען ארומגעשלאגען מיט א ווייכען מאטעריאל, כדי דער ארעסטירטער אדער משוגענער זאל זיך ניט צוקאליעטשען, שלאגענדיג זיך אן וואנד.

pad'ded room (פעד'-עד רוהם) ז. *padded cell*.

pad'der *n.* (פעד'-ער) א גאסען=רויבער; איינער וואס בעדעקט אדער בעשלאגט מיט קישענס; איינער וואס שטאפט אן אדער פילט אויס מיט ווייכען שטאף.

pad'ding *n.* (פעד'-אינג) דאס בעדעקען אדער בעשלאגען מיט קישעלעך; דאס ווייכע מאטעריאל, מיט וועלכען מען בעדעקט אדער בעשלאגט א זאך; דער ווייכער אונטערשלאג פון א בגד; דאס דרוקען אוזארען אויף ציץ אדער קאטון; דאס דורכנעצען קאטון מיט א געוויסען מאטעריאל איידער מען נעהמט זיך דרוקען אויף איהם אוזארען; יעדע אונוויכטיגע זאך וואס ווערט צוגעשריבען צו א בוך אדער ארטיקעל ניט צוליעב זיין אינהאלט, נאר כדי צו מאכען איהם לענגער.

pad'dle *n. and v.* (פעדל) א רודער; די לאפעטקע פון א רודער; די שווימלאפעס פון א וואלפיש א. ד. ג.; א ראדשויפעל; איינס פון די קווער=ליעגענדע ברעטלעך אין ראד פון א דאמפף=שיף; א קליינע לאפעטקע; א קליין טהירעל וואס עפענט זיך אויף און מאכט זיך צו אין א שלוזע; רודערען; שווימען אין וואסער מיט דער הילף פון רודערס [ווי א שיפעל] אדער מיט דער הילף פון די פיס [ווי א גאנז, ענטעל א. ד. ג.]; זיך פלעסקען, זיך שפיעלען מיט'ן וואסער; פאטשען, שמייסען; זיך שפיעלען מיט די פינגער, גלעטען מיט די פינגער א זאך.

pad'dle about' (פעדל ע-באוט') זיך ארומטרייבען.

pad'dle-board *n.* (פעד'ל-באורד) איינס פון די קווער=ברעטלעך פון וואסער=ראד ביי א דאמפף=מאשין.

pad'dle-box *n.* (פעד'ל-באקס) דער קאסטען אדער איבערדעק איבער דעם רודער=ראד פון א דאמפף=שיף, כדי דאס וואסער זאל ניט שפריצען אין שיף.

pad'dle-case *n.* (פעד'ל-קיים) ז. *paddle-box*.

pad'dle one's own canoe' (פעדל הוואנז און קע-נוה') שטעהן אויף די אייגענע פיס; דערשלאגען זיך זעלבסטשטענדיג צו א קאריערע.

pad'dler *n.* (פעד'-לער) א רודערער; איינער וואס פלעסקעט זיך אדער שפיעלט זיך מיט וואסער; איינער וואס טהוט עפעס אהן שום צוועק, וואס שפיעלט זיך ארום.

pad'dle-shaft *n.* (פעד'ל-שעפט) די וואל וועלכע דרעהט דאס וואסער=ראד [ביי א דאמפף=שיף].

pad'dle-staff *n.* (פעד'ל-סטעף) דער שאר=אייזען פון אקער=אייזען.

pad'dle-stea'mer *n.* (פעד'ל-סטיע'-מער) א דאמפף=שיף, וועלכע ווערט בעטריבען פון רעדער.

pad'dle-wheel *n.* (פעד'ל-הוויעל) דאס רודער=ראד פון א דאמפף=שיף.

pad'dock *n. and v.* (פעד'-אק) א קליינע ארומגעצאמטע לאנקע, וואו עס פיטערען זיך פערד; פערשפארען ווי אין אן ארומגעצאמטער לאנקע.

Paddock-pipe.

pad'dock-pipe *n.* (פעד'-אק-פאיפ) זומפ=שטרוי [אזא מין רעהרען=ארטיגע גראזען, וואס וואקסען אין זומפען].

pad'dock-stone *n.* (פעד'-אק-סטאון) ז. *toadstone*.

pad'dockstool *n.* (פעד'-אק-סטוהל) ז. *toadstool*.

Pad'dy *n.* (פעד'-אי) אן אירלענדער.

pad'dy *n. and a.* (פעד'-אי) א נארד=אמעריקאנישע ענטעל; אין אסט=אינדיען — רייז וואס איז נאך אין די זאנגען; נידריג, געמיין, ארעם.

pad'dy-field *n.* (פעד'-אי-פיעלד) א רייז=פעלד.

pad'-el'ephant *n.* (פעד'-על'-אי-פענט) אן עלעפאנט, וועלכען מען געברויכט צום פאהרען און צו ארבייטען [אין אונטערשייד פון אן עלעפאנט, וועלכען מען געברויכט צו יאגד].

padel'la *n.* (פיי-דעל'-א) אן אייזערען אדער ליימען שיסעלע מיט חלב און מיט א קנייטעל, וואס מען צינדט אן בעת אילומינאציע.

pad'-groom *n.* (פעד'-גרוהם) א רייטענדער דיענער [וואס בעגלייט דעם רייטענדען בעל=הבית].

pa'dishah *n.* (פא'-די-שא) דער פאדישאך אדער גרויסער קעניג [א טיטול פון טערקישען סולטאן].

pad'lock *n. and v.* (פעד'-לאק) א הענג=שלאס; פערשליסען מיט א הענג=שלאס, אויפהענגען א שלאס.

pad'-nag *n.* (פעד'-נעג) א פערד וואס לויפט לייכט, זאנפט, ניט שפרינגענדיג.

pad'ow-pipe *n.* (פעד'-או-פאיפ) ז. *paddock-pipe*.

padro'ne *n.* (פע-דראו'-נע) אן איטאליענישער קאנטראקטאר פון ארבייטער [וואס שטעלט צו ארבייטער אין גרויסע מאסען]; א בעל=הבית, א מייסטער; איינער [הויפטזעכליך אן איטאליענער], וואס פערדינגט שפיעל=קעסטלעך אדער בעשעפטיגט קינדער צו בעטלען פאר איהם.

padron'ism *n.* (פע-דראונ'-איזם) דאס איטאליענישע קאנטראקט=סיסטעם פון צושטעלען ארבייטער; דאס אריינבריינגען איטאליענישע קינדער אין א פרעמדען לאנד און זיי צווינגען צו זינגען און צו בעטלען אין די גאסען.

pad the hoof (פעד טהי הוהף) געהן צו=פוס.

pad the streets (פעד טהי סטריעטס) מעסטען די גאסען.

pæ'an *n.* (פיע'-ען) א הימנע, א לויב=געזאנג, א דאנק=געזאנג; א קריעגס=ליעד; א טריאומף=ליעד; א זיעגעס=ליעד; א טומעלדיג, פרעהליך געזאנג; א פערזען=פוס [אין דער אלטער גריכישער פאעזיע] פון פיער זילבען: איינע א לאנגע, די איבריגע דריי — קורצע.

pæ'anism *n.* (פיע'-ען-איזם) אויסגעשרייען אדער ליעדער פון לויב אדער טריאומף; קריעגס=ליעדער, א קריעגס=רוף.

pæderas'tia *n.* (פעד-ע-רעס'-טי-א) פעדעראסטיע. ז. *pederasty*.

pædeu'tics *n.* (פי-דיו'-טיקס) פעדאגאגיע, די לעהרע וועגען אונטערריכט און ערציהונג.

pædobap'tism *n.* (פיע-דא-בעפ'-טיזם) ז. *pedobaptism*.

pædobap'tist *n.* (פיע-דא-בעפ'-טיסט) ז. *pedobaptist*.

pædonosol'ogy *n.* (פיע-דא-נא-סאל'-א-דזשי) ז. *pedonosology*.

pæ'on *n.* (פיע'-אן) אין דער אלט=גריכישער פאעזיע — א פערזען=פוס פון פיער זילבען: איינע א לאנגע און די איבריגע דריי — קורצע.

pa'gan *n. and a.* (פיי'-גען) א געצענדיענער; איינער וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאסישער גריכיש=רוימישער קולטור [אלס געגענזאץ צו דער אידישער אדער קריסטליכער]; געצענדיענעריש; וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאסישער גריכיש=רוימישער קולטור.

pa'gandom *n.* (פיי'-גען-דאם) היידענטום, געצענדיענערטום.

pa'ganise *v.* (פיי'-גען-איז) ז. *paganize*.

pa'ganish *a.* (פיי'-גען-איש) געצענדיענעריש; וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאסישער גריכיש=רוימישער קולטור. ז. *pagan*.

pa'ganism *n.* (פיי'-גען-איזם) געצענדיענסט; אנהענגערשאפט צו דער קלאסישער גריכיש=רוימישער קולטור [אלס געגענזאץ צו דער אידישער אדער קריסטליכער]; דאס געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון דיעזער קולטור.

paganiza'tion *n.* (פיי-גען-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אדער ווערען א געצענדיענער אדער געצענדיענעריש; דאס זיין ניט אידיש=קריסטליך. ז. *paganism*.

pa'ganize *v.* (פיי'-גען-איז) מאכען פאר א געצענדיענער; מאכען געצענדיענעריש; ווערען א געצענדיענער; אונטערווארפען אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאסישער גריכיש=רוימישער קולטור [אלס געגענזאץ צו דער אידישער און קריסטליכער].

page *n. and v.* (פיידזש) א זייט [פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.]; א שריפט; א בוך; א פאזש [א בעדיענער, הויפטזעכליך א איינגעל וואס בעדיענט א הויך=געשטעלטע פערזאן]; א שלעפען=טרעגער [אזא קלאמער מיט א שנור אויפצוהויבען די שלעפע פון א פרויען=קלייד]; א מין זיד=אמעריקאניש זומער=פויגעלע מיט גריני און שווארצע פלעקען; נומערירען זייטען [פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.]; צונויפשטעלען דרוק=שריפט אין זייטען; זיין א פאזש, בעדיענען אלס פאזש.

pag'eant *n. and a.* (פעדזש'-ענט) א פאראד, א ספעקטאקל, א ביהנע=פארשטעלונג; א גלענצענדע פראצעסיאן; א בע=

ווענליכע פלאטפארמע אדער ביהנע; א טריאומף־וואגען; אן ארקע; פראכטפאל, פאראדנע.

pag'eantry *n.* (פעדזש'-ען-טרי) פאראד־נעקייט, פרעכטיגקייט; טעאטראלישקייט; א גלאנצענדע פראצעסיאן; א טריאומף־צוג.

page'-cord *n.* (פיידזש'-קאהרד) אין דרוקעריי — שטריקלעך, מיט וועלכע מען בינדט ארום די שריפט, וואס איז אויסגע־שטעלט אין זייטלעך.

page'-gage *n.* (פיידזש'-גיידזש) א מאס צו בעשטימען די לענג פון א זייט פון דרוק־שריפט.

page'hood *n.* (פיידזש'-הוד) דער פאַ־זישען־שטאנד; דאס זיין א פאזש.

page'-proof *n.* (פיידזש'-פרוהף) א זייַ־טען־קארעקטור [געמאכט פון דעם שריפט־זאץ, ווען ער איז שוין געשלאסען אין זייטען].

pag'ina *n.* (פעדזש'-אי-נא) די בלאט־פלאכע [פון א פלאנצע].

pag'inal *a.* (פעדזש'-אי-נעל) 1. וואס בעשטעהט פון זייטען, וואס איז שייך צו זייטען [פון א בוך, למשל]; 2. וואס קומט זייטעל נאך זייטעל.

2. A verbal and paginal reprint.

pag'inate *v.* (פעדזש'-אי-נייט) נומערי־רען די זייטען [פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pagina'tion *n.* (פעדזש-אי-ניי'-שאן) נומערירונג פון זייטען [אין א בוך, מא־נוסקריפט א. ז. וו.]; דאס נומערירען זיי־טען.

pa'ging *n.* (פיי'-דזשינג) נומערירונג [פון זייטען פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pa'ging-machine' *n.* (פיי'-דזשינג-מע-שין') א מאשין צו נומערירען די זיי־טען פון א בוך.

pago'da *n.* (פע-גאו'-דא) א פאגאדא [אין כינא, אינדיען, בורמא — א הייליגער טורעם, עהנליך צו א פיראמידע און רייך בעדעקט מיט בעציערונגען אדער שניצו־גען]; א קליינע פערציערטע געביידע, עהנ־ליך צו א פאגאדא, אין וועלכער מען פער־קויפט פערשיעדענע קלייניגקייטען; אזא גאלדענע אינדישע מטבע.



Pagodas

pago'da-tree *n.* (פע-גאו'-דא-טריע) א פאגאדא־בוים [א בוים אין אזיען וואס דערמאהנט מיט'ן אויסזעהן אן א פאגא־דא]. ז. *pagoda*.

pa'gus *n.* (פיי'-גאס) אין דער אלט־רוימישער מלוכה — א בעפעסטיגט דארף, וואו די ארומיגע איינוואוהנער פלעגען זיך צוזאמענקלייבען, ווען א שונא פלעגט אויף זיי אנפאלען; אין פארצייטיגען ענג־לאנד — א טייל פון א גראפשאפט.

pah *int. and n.* (פאַ) פע! [אן אויס־דרוק פון עקעל אדער פעראכטונג]; אין ניי־זעעלאנד — א בעפעסטיגטער לאגער פון די מאארי [די דארטיגע איינגעבא־רענע].

Pah'lavi *n. and a.* (פא'-לע-ווי) פא־לאווי, די שפראך פון די אלט־פערזישע היי־ליגע ביכער; וואס איז שייך צו דער פא־לאווי־שפראך.

paid (פייד) געצאהלט, בעצאהלט. ז. *pay*.

paid and aquit'ted (פייד ענד ע-קהוויט'-עד) בעצאהלט און קוויטירט.

paid down (פייד דאון) בעצאהלט מזומן; איינגעצאהלט.

paideu'tics *n.* (פע-דיו'-טיקס) ז. *pædeutics*.

paid up (פייד אפ) אין גאנצען אויס־געצאהלט.

pail *n.* (פייל) אן עמער.

pail'-brush *n.* (פייל'-בראש) א מין הארט בערשטעל, וואס ווערט בענוצט אין מילך־קראמען א. ד. ג. צו ריינינגען כלים.

pail'ful *n.* (פייל'-פול) אן עמער־פול [וויפיעל עס קען ענטהאלטען א פולער עמער].

paillasse' *n.* (פע-ליעס') א שטרוי־מאט־ראץ; אן אונטער־מאטראץ.

pain *n. and v.* (פיין) שמערץ, יסורים, ליידען, פיין; אנגסט, זארג; מיה, מא־טערניש; א שטראף; פעראורזאכען שמערץ, אנטהאן יסורים, קוועלען, פייני־גען, קרענקען.

pained *a.* (פיינד) וואס ליידט וועה־טאג אדער יסורים; וואס צייגט ארויס שמערץ.

pain'ful *a.* (פיינ'-פול) שמערצליך; פייני־ליך; מיהזאם, שווער; וואס פאדערט אנ־שטרענגונג אדער פיעל אויפמערקזאמקייט.

pain'fully *adv.* (פיינ'-פול-אי) אויף א שמערצליכען, פייניליכען אדער מיהזא־מען אופן.

pain'fulness *n.* (פיינ'-פול-נעס) שמערצליכקייט; פייניליכקייט, מיהזאמקייט.

pai'nim *n. and a.* (פיי'-נים) ז. *paynim*.

pain'less *a.* (פיינ'-לעס) שמערצלאז, אהן שמערצען, אהן מיה.

pain'lessly *adv.* (פיינ'-לעס-לי) ניט ליידענדיג קיין וועהטאג אדער יסורים.

pain'lessness *n.* (פיינ'-לעס-נעס) שמערצלאזיגקייט; פיינלאזיגקייט.

pain of death (פיין אוו דעטה) טויט־שטראף.

pains *n.* (פיינז) וועהטאגען פון א גע־ווינערין, חבלי לידה.

pains'taker *n.* (פיינז'-טיי-קער) א פלייסיגער, ארבייטזאמער מענש.

pains'taking *n. and a.* (פיינז'-טיי-קינג) פלייסיגקייט, מיהזאמקייט; ארבייט־זאם, הארעפאשנע.

pains'takingly *adv.* (פיינז'-טיי-קינג-לי) אויף א פלייסיגען, מיהזאמען שטיי־גער.

pains'worthy *a.* (פיינז'-הוואיר-טהי) וואס עס פאדערט א שטארקע זארגפעל־טיגע אויפמערקזאמקייט.

paint *v. and n.* (פיינט) פארבען, אב־פארבען; מאלען מיט פארבען; דעקארי־רען, בעציערען; אנשטרייכען, שילדערען, פארשטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט מא־לעריי; פארבען דאס פנים, זיך שמינקען; שכור'ען; פארב; שמינקע [די פארב, מיט וועלכער מען פארבט דאס פנים]; אין דער פראדוקציאן פון גומי אדער רעזי־נע — דער שטאף וואס ווערט צוגעגעבען צו קאוטשוק צו מאכען איהם הארטער.

pain'table *a.* (פיינ'-טעבל) וואס קען געפארבט אדער געמאלט ווערען.

paint an eye (פיינט ען אי) מאכען א בלוי אויג [אנברעכען די ביינער].

paint'-box *n.* (פיינט'-באקס) דאס פארב־קעסטעל [פון א מאלער].

paint'-bridge *n.* (פיינט'-ברידזש) א הענגענדע פלאטפארמע, אויף וועלכער דער מאהלער שטעהט ביים מאהלען טעא־טער־דעקאראציעס.

paint'-brush *n.* (פיינט'-בראש) דאס פענזעל פון א מאלער אדער פארבער.

pain'ted *a.* (פיינ'-טעד) אויס־געפארבט; אויס־געמאלט; קאלירט; געקינסטעלט, ניט רע־אל, ניט עכט.

pain'ter *n.* (פיינ'-טער) א פארבער; א מאלער; א שטריק [צו בעפעסטיגען א שיף]; א פאנטער, א לעמפערט.

pain'ter's col'ic (פיינ'-טערז קאל'-איק) בליי־קאליק [א קראנקהייט וואס בעקומט זיך פון איינאטהעמען בליי־שטויב. פארבער ליידען מייסטענס פון דיזער קראנקהייט].

pain'ter-stai'ner *n.* (פיינ'-טער-סטיי'-נער) א וואפען אדער שילדען־מא־לער; א מיטגליעד פון א געוויסען לאנ־דאנער צעך אדער גילדע.

pain'tiness *n.* (פיינ'-טי-נעס) דאס הא־בען אויף זיך צופיעל פארב [ווענען א בילד].

pain'ting *n.* (פיינ'-טינג) א מאלעריי; געמעלדע, א בילד.

pain'ting in oil (פיינ'-טינג אין איל) אויל־מאלעריי.

paint the town red (פיינט טהי טאון רעד) שטיפען, קונדס'עווען, אנמאכען אונ־ארדנונג און טומעל.

paint'-tube *n.* (פיינט'-טיוב) א רעה־רעל פון דינעם, בויגזאמען מעטאל, וואס ענטהאלט מאלעריי־פארב.

paint'work *n.* (פיינט'-הוואירק) מאלע־ריי־ארבייט.

pain'ty *a.* (פיינ'-טי) צופיעל אנגע־פארבט; בעפלעקט מיט פארב.

pair *n. and v.* (פעהר) א פאר; א פאר־פאלק; אין קויהלען־גרובען — א גרו־פע ארבייטער, וואס ארבייטען אין איין צייט; אין געזעצגעבערישע קערפערשאפ־טען [ווי פארלאמענט א. ד. ג.] — צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו געגענ־זעצליכע פארטייען, ווען זיי מאכען אב צווישען זיך ניט אבצוגעבען זייערע שטי־מען; אין פאוקער־שפיעל — א פאר קאר־טען פון דעמזעלבען מין [ווי צוויי טויז, צוויי צוויי־טלעך א. ד. ג.]; פארען, מא־כען א פאר; צונויפפארען, פעראייניגען א זכר מיט א נקבה; צופאסען איינס צו דעם אנדערען; זיך פארען; זיך פעראיי־ניגען פארווייז.

pair and pair (פעהר ענד פעהר) פארווייז.

paired *a.* (פעהרד) איינגעטיילט אדער איינגעארדנעט פארווייז; צוזאמענגעפארט [ווי א זכר מיט א נקבה]; געפארט [ווע־גען א מיטגליעד פון א געזעצגעבערישער קערפערשאפט, וועלכער קען ניט קומען אויף א זיצונג און וועלענדיג פער־לירען זיין שטימע, רעדט ער אב מיט

א מיטגליעד פון דער געגנערישער פארטיי, אז יענער זאל אויך ניט שטימען].

pair'ing *n.* (פעהר'-אינג) אין א געזעצגעבערישער פערזאמלונג — אן אבמאך פון צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו צוויי געגען-פארטייען, אז ביידע זאלען ניט שטימען איבער א געוויסער פראגע.

pair'ing-sea'son *n.* (פעהר'-אינג-סיע'זן) די פארונגס-צייט [די צייט ווען חיות אדער פויגלען פארען זיך].

pair'ing-time *n.* (פעהר'-אינג-טאים) ז. *pairing-season*.

pair'-oar *n.* (פעהר'-אור) א רודער-שיפעל וואס האט צוויי רודערס.

pair of col'ors (פעהר אוו קאל'-ארז) די צוויי פאהנען וואס מען טראגט פארוים א רעגימענט סאלדאטען אדער א פעראיין אין ענגלאנד און אמעריקא [איין פאהן א נאציאנאלע און די צווייטע א ספעציעלע פון דיעזען רעגימענט אדער פעראיין].

pair off (פעהר אף) אוועקגעהן אדער אבטיילען זיך פון א קאמפאניע פארווייז; אבניט שטימען אויף א פערזאמלונג, אבמאכענדיג מיט איינעם פון דער געגנערפארטיי, אז ער זאל אויך ניט שטימען.

pair roy'al (פעהר ראי'-על) אין קארטענשפיעל — דריי פון דעמזעלבינגען מין [ווי דריי מלכים, דריי מלכות א. ד. ג.].

pair'-toed *a.* (פעהר'-טאוד) וואס האט די פינגער פארווייז, צוויי פון פארענט און צוויי פון הינטען [וועגען די פיס פון געוויסע פויגלען].

pair'wise *adv.* (פעהר'-הוואיז) פארווייז; אין פאר.

paja'mas *n.* (פע-דזשא'-מאז) אזא זארט ברייטע הויזען וואס ווערען געטראגען פון מאנספערזאנען און פרויענצימער אין אינדיען; א שלאף-אנצוג אדער מארגען-אנצוג וואס בעשטעהט פון לייכטע הויזען מיט א קורצען רעקעל.

pak'tong *n.* (פעק'-טאנג) כינעזישעס נייזילבער [א מעטאל-געמיש פון ניקעל, צינק און קופער].

pala'bra *n.* (פע-לא'-ברא) א ווארט; א גערייד.

pal'ace *n.* (פעל'-עס) א פאלאץ.

pal'ace-car *n.* (פעל'-עס-קאר) א סאלאן-וואגאן.

pal'ace-court *n.* (פעל'-עס-קאורט) דאס הויף-געריכט [אמאל אין ענגלאנד].

pal'adin *n.* (פעל'-ע-דין) דער פאלאדין, איינער פון די צוועלף ריטער, וועלכע זיינען געוועזן די מקורבים פון דעם פראנצויזישען קעניג קארל דעם גרויסען; א וואנדערנדער ריטער [ז. *knight-errant*].

palæobot'any *n.* (פיי-לי-א-באט'-ע-ני) ז. *paleobotany*.

pa'læograph *n.* (פיי'-לי-א-גרעף) ז. *paleograph*.

palæog'raphy *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פי) ז. *paleography*.

pa'læolith *n.* (פיי'-לי-א-ליטה) ז. *paleolith*.

palæolith'ic *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-איק) ז. *paleolithic*.

palæol'ogy *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשי) ז. *paleology*.

palæontog'raphy *n.* (פיי-לי-אנ-טאג'-רע-פי) ז. *paleontography*.

palæontol'ogy *n.* (פיי-לי-אנ-טאל'-א-דזשי) ז. *paleontology*.

palæornithol'ogy *n.* (פיי-לי-אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) ז. *paleornithology*.

Palæozo'ic *a.* (פיי-לי-א-זאו'-איק) ז. *Paleozoic*.

palæozool'ogy *n.* (פיי-לי-א-זא-אל'-א-דזשי) ז. *paleozoology*.

palæs'te *n.* (פע-לעס'-טי) אן אלט-גריכישע לענגען-מאס, א טפח [א פיערטעל פון א פוס].

palæs'tra *n.* (פע-לעס'-טרא) ז. *palestra*.

palæs'trian *a.* (פע-לעס'-טרי-ען) ז. *palestrian*.

palæs'tric *a.* (פע-לעס'-טריק) ז. *palestric*.

palankeen' *n.* (פעל-ען-קין') ז. *palanquin*.

palanquin' *n.* (פעל-ען-קין') א פאלאנקין, א טראג-בעטעל בעדעקט מיט א דעכעל, וואס ווערט בענוצט אין אסט-אינדיען און כינא, אנשטאט אן עקיפאזש אדער קארעט.

Palanquin

palatabil'ity *n.* (פעל-ע-טע-ביל'-אי-טי) דאס זיין געשמאק אדער אנגענעהם.

pal'atable *a.* (פעל'-ע-טעבל) געשמאק; אנגענעהם, מחיה'דיג.

Our cook servés us with very palatable food.

pal'atableness *n.* (פעל'-ע-טעבל-נעס) ז. *palatability*.

pal'atably *adv.* (פעל'-ע-טע-בלי) אויף א געשמאקען, אנגענעהמען אופן.

pal'atal *a. and n.* (פעל'-ע-טעל) וואס איז שייך צום גומען; וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט'ן גומען; דער גומען-ביין; א גומען-קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער הילף פון גומען, ווי "ג", "ק"].

pal'ate *n. and v.* (פעל'-אייט) דער גומען; דער געשמאק; פיהלען א געשמאק; פערזוכען.

pala'tial *a. and n.* (פע-ליי'-שעל) וואס געהערט צום גומען; וואס איז שייך אדער וואס איז ע‍הנליך צו א פאלאץ; פרעכטיג; א גומען-קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער הילף פון גומען, ווי "ג", "ק" א. ז. וו.].

palat'inate *n.* (פע-לעט'-אי-נייט) דאס אמט, די ווירדע אדער די הערשאפט פון א פאלאטין. ז. *palatine*.

pal'atine *n. and a.* (פעל'-ע-טין) דער פאלאטין [א סאלדאט פון דער עהרען-וואך אין קייזערליכען פאלאץ אין אלטען רוים און אין קאנסטאנטינאפאל]; דער פפאלץ-גראף [דער אויבערריכטער אין הויף פון די מיטעלאלטערליכע דייטשע און פראנצויזישע קעניגע]; איינער פון די גומען-ביינער; וואס איז שייך צו א פאלאץ; וואס דיענט אין קעניגליכען פאלאץ; וואס בענוצט זיך מיט קעניגליכע פריווילעגיעס; וואס איז שייך צום גומען-ביין.

palati'tis *n.* (פעל-ע-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון גומען.

pala'tum *n.* (פע-ליי'-טאם) דער גומען.

palav'er *v. and n.* (פע-לעוו'-ער) פיהרען א לאנגען שמועס אדער אונטעררעדונג; פלוידערען; פערדריידען די צייהן; שמייכלען, חנפ'ענען; א לאנגער שמועס; אן אונטעררעדונג; פלאפלעריי.

palaz'zo *n.* (פא-לאט'-סאו) א פאלאץ.

pale *a., n. and v.* (פייל) בלייך, בלאס; א פלאקען, א פערשפיצטער גרויסער שטעקען; אן אבגעצאמטער ארט; א גרענעץ, א ספערע; די טשערטא, דער תחום המושב; א לאפעטע [צו זעצען ברויט אין אויווען]; אן אינסטרומענט צו פרובירען קעז; ארומצאמען מיט פלעקער; איינשליסען, ארומרינגלען מיט עפעס; מאכען בלאס, פערטונקלען; בלייך ווערען.

palea'ceous *a.* (פיי-לי-איי'-שאס) אזוי ווי מעקענע; פול מיט מעקענע [פאלאווע].

pale ale (פייל אייל) העל-ביער [אזא מין ביער].

pale as death (פייל עז דעטה) טויט-בלייך.

pale'-eyed *a.* (פייל'-איד) מיט מאטע אויגען.

pale'face *n.* (פייל'-פיים) דאס בלאסע פנים [אזוי רופען די אמעריקאנער אינדיאנער די ווייסע מענשען].

pale'-faced *a.* (פייל'-פייסט) מיט א בלאסען געזיכט.

pale'-hear'ted *a.* (פייל'-האר'-טעד) שרעקעדיג, מוטלאז, נידערגעשלאגען.

pa'leiform *a.* (פיי'-לי-אי-פארם) וואס האט די פארם אדער דעם אויסזעהן פון מעקענע.

pale'ly *adv.* (פייל'-לי) בלאס, בלייך; מיט א בלאסען אויסזעהן.

pale'ness *n.* (פייל'-נעס) בלאסקייט, בלייכקייט.

pa'leo-anthrop'ic *a.* (פיי'-לי-או-ען-טהראפ'-איק) וואס איז שייך צום פארהיסטארישען מענשען.

paleobot'any *n.* (פיי-לי-א-באט'-ע-ני) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאנצען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

paleocos'mic *a.* (פיי-לי-א-קאז'-מיק) וואס איז שייך צו דער ערד ווי זי איז געוועזן אין די פארצייטיגע געאלאגישע פעריאדען.

pa'leo-ethnol'ogy *n.* (פיי'-לי-או-עטה-נאל'-א-דזשי) די עטנאלאגיע פון די פארצייטיגע דורות [די לעהרע וועגען די פרימיטיווסטע פעלקער און ראסען אויף דער ערד].

Pale of Set'tlement (פייל אוו סעט'ל-מענט) די "טשערטא", דער תחום [די בעשטימטע גובערניעס אין רוסלאנד, וואו אידען איז ערלויבט צו וואהנען אין די שטעדט].

pa'leograph *n.* (פיי'-לי-א-גרעף) א פאליאגראף, אן אלטער מאנוסקריפט.

paleog'rapher *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פער) איינער וואס שטודירט אלטע מאנוסקריפטען.

paleograph'ic *a.* (פיי-לי-א-גרעפ'-איק) פאלעאגראפיש, וואס איז שייך צו דער פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען.

paleograph'ical *a.* (פיי-לי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *paleographic*.

paleograph'ically *adv.* (פיי-לי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך שטודירען אדער פארשען אלטע מאנוסקריפטען; בנוגע צו פאלעאגראפיע [פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען].

paleog'raphist *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פיסט) ז. *paleographer*

paleog'raphy *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פי) פאלעאגראפיע; דאס שטודירען פארצייטיגע ארטען און מעטאדען פון שרייבען; די פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען.

pa'leolith *n.* (פיי'-לי-א-ליטה) א פאלעאליט [אן ארומגעקלאפטער אבער ניט קיין געשליפענער שטיין אלס ארבייטס-אינסטרומענט פון די סאמע פרימיטיווסטע מענשען].

paleolith'ic *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-איק) פאלעאליטיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע צייטען פון דער פארהיסטארישער שטיין-פעריאדע, ווען די איינציגע ארבייטס-אינסטרומענטען פון די דאמאלדיגע מענשען זיינען געווען בלויז שטיקער איינפאכע ניט געשליפענע שטיינער.

paleolith'ical *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-אי-קעל) ז. *paleolithic*

paleol'ogist *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשיסט) א פאלעאלאגיסט, איינער וואס שטודירט אלטערטימליכקייטען.

paleol'ogy *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשי) פאלעאלאגיע, דאס שטודירען אלטערטימליכקייטען.

paleontograph'ical *a.* (פיי-לי-אן-טא-גרעפ'-אי-קעל) פאלעאנטאגראפיש, וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontog'raphy *n.* (פיי-לי-אן-טאג'-רע-פי) פאלעאנטאגראפיע, די בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontolog'ic *a.* (פיי-לי-אן-טא-לאדזש'-איק) ז. *paleontological*

paleontolog'ical *a.* (פיי-לי-אן-טא-לאדזש'-אי-קעל) פאלעאנטאלאגיש, וואס איז שייך צו פאלעאנטאלאגיע.
ז. *paleontology*

paleontol'ogist *n.* (פיי-לי-אן-טאל'-א-דזשיסט) א פאלעאנטאלאגיסט, איינער וואס שטודירט די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע אויסגעשטארבענע חיות און פלאנצען.

paleontol'ogy *n.* (פיי-לי-אן-טאל'-א-דזשי) פאלעאנטאלאגיע, די לעהרע וועגען די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleophytol'ogy *n.* (פיי-לי-א-פאי-טאל'-א-דזשי) ז. *paleobotany*

paleornithol'ogy *n.* (פיי-לי-אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פויגלען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

paleotech'nic *a.* (פיי-לי-א-טעק'-ניק) וואס איז שייך צו פארהיסטארישער אדער פרימיטיווער קונסט.

pa'leous *a.* (פיי'-לי-אס) פול מיט מעקענע [פלעווע, פלאווע]; ענליך צו מעקענע.

Paleozo'ic *a.* (פיי-לי-א-זאו'-איק) פאלעאזאאיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע פעריאדען אין דער געשיכטע פון דער ערד, ווען עס האבען שוין עקזיסטירט פערשיעדענארטיגע ארגאניזמען.

paleozool'ogy *n.* (פיי-לי-א-זא-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע חיות, וואס מען געפינט אין דער ערד.

Palestin'ian *a.* (פעל-עס-טינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו פאלעסטינא אדער ארץ ישראל.

pales'tra *n.* (פע-לעס'-טרא) אין אלטגריכענלאנד — די פאלעסטרא, אן עפענטליכער פלאץ פאר גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען; דאס ראנגלען זיך, אטלעטישע שפיעלען.

pales'tral *a.* (פע-לעס'-טרעל) ז. *palestric*

pales'trian *a.* (פע-לעס'-טרי-ען) ז. *palestric*

pales'tric *a.* (פע-לעס'-טריק) וואס איז שייך צו א פאלעסטרא אדער צו גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען.
ז. *palestra*

pales'trical *a.* (פע-לעס'-טרי-קעל) ז. *palestric*

pal'etot *n.* (פעל'-ע-טאו) א פאלטא, אן אויבער-מאנטעל.

pal'ette *n.* (פעל'-עט) א פאליטרע [א פארדין פלאך ברעטעל מיט א לעכעל פאר'ן גראבען פינגער, וואס מאלערס געברויכען ארויפצולעגען פארב ווען זיי מאלען [ז. איל.]; דאס פאנאנדערלעגען די פארבען אויף א פאליטרע; עטוואס וואס איז ברייט און פלאך ווי א פאליטרע; ביי מעטאלארבייטער — די פלאכע פלאטע פון אן עגבער אדער בויערער, אויף וועלכער דער ארבייטער שפארט זיך אן מיט דער ברוסט בעת ער בויערט; א לייכטע הילצערנע לאפעטקע, וואס ווערט בענוצט פון מאסאזשיסטען בעת'ן מאסאזש; א לייכט ברעטעלע, אין וועלכען מען באנדאזשירט א צובראכענע האנד; א קליינע מעטאלענע פלאטע, וועלכע בעדעקט דאס ארט וואו עס בינדען זיך צונויף די ענדען פון א פאנצער; א מין פאפוגאי.


Palette

pal'ette-knife *n.* (פעל'-עט-נאיף) אזא דינגע לאפעטקע ענליך צו א מעסער, וואס ווערט בענוצט פון מאלער צו מישען די פארבען; אין דרוקערייען — א שטאהלענע פלאטע, מיט וועלכער די דרוקער גיבען צו פארב וואו עס איז נויטיג אין דרוקפרעס.

pal'frey *n.* (פאהל'-פרי) א רייט-פערד.

pal'freyed *a.* (פאהל'-פריד) וואס רייט אויף א רייט-פערד.

Pa'li *n. and a.* (פא'-לי) [די פאלי שפראך וואס ווערט געברויכט אין די הייליגע שריפטען פון די בודיסטען אין די דרום-ערטער פון אסט-אינדיען און אין ציילאן]; וואס איז שייך צו דער פאלי-שפראך.

palifica'tion *n.* (פעל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס ארייננשלאגען פלעקער אדער סלופעס אין דער ערד, כדי צו פערפעסטיגען דעם גרונט.

palil'logy *n.* (פע-ליל'-א-דזשי) די ווידערהאלונג פון א ווארט אום צו פערשטארקען דעם איינדרוק [ווי למשל: הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען!].

pal'impsest *n.* (פעל'-אימפ-סעסט) א פאלימפסעסט [א מאנוסקריפט וואס דער טעקסט איז טיילווייז אויסגעמעקט און איבערגעשריבען]; דאס וואס איז אויפסניי צוגעשריבען אנשטאט דעם אויסגעמעקטען.

pal'indrome *n.* (פעל'-אינ-דראום) דער פאלינדראם, א ווארט אדער א זאץ, וואס לעזט זיך אויף א גלייכען אופן פון רעכטס צו לינקס אדער פון לינקס צו רעכטס [ווי די ווערטער "מאדאם", "שמש" א. ד. ג.].

pa'ling *n.* (פיי'-לינג) א צאם פון פלעקער; א צאם פון אויסגעשטעלטע פערשפיצטע פלעקער אדער סלופעס.

palingene'sia *n.* (פעל-אין-דזשע-ני'-סי-א) ז. *palingenesis*

palingen'esis *n.* (פעל-אין-דזשענ'-ע-סיס) פאלינגענעזיע, די ווידערגעבורט, ווידערבעשאפונג [ווי ביי די מעטאמארפאזען פון אן אינזעקט].

palingen'esy *n.* (פעל-אין-דזשענ'-ע-סי) ז. *palingenesis*

pal'inode *n.* (פעל'-אי-נאוד) די פאלינאדע, א פאעטיש געדיכט, וואו דער פאעט ציהט צוריק זיינע ווערטער, וואס ער האט געזאגט אין א פריהערדיגער סאטירע; דאס צוריקציהען די פריהערדיגע ווערטער.

palisade' *n. and v.* (פעל-אי-סייד') א פאליסאדע, א פארקאן וואס איז געמאכט געווארען פון ארייננגעקלאפטע פערשפיצטע פלעצער אדער פלעקער אין דער ערד; ארומצאמען אדער ארומרינגלען מיט א פאליסאדע.

Palisade

palisa'do *n. and v.* (פעל-אי-סיי'-דאו) ז. *palisade*

palisan'der *n.* (פעל-אי-סענ'-דער) פאליסאנדער-האלץ [א מין רויט אויסטראליש האלץ, וואס ווערט געברויכט פאר טייערע מעבעל].

pa'lish *a.* (פיי'-ליש) בלייכליך; עטוואס בלאס.

palixan'der *n.* (פעל-איק-סענ'-דער) ז. *palisander*

pall *n. and v.* (פאהל) א דעקע; א מאנטעל; א שווארצע טוך, מיט וועלכער מען דעקט איבער אן ארון אדער מטה; דאס, וואס ברייננגט טרויער אדער שרעק; אן איבערדעק, א באלדאכין, א חופה; א מין פרכת, מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר אין קירך; א מאנטיע, דער לאנגער, ברייטער אויבער-מאנטעל, וואס א קעניג אדער אן ערצבישאף טראגט אין דער צייט פון פייערליכע צערעמאניען; איבעלקייט, דאס פיהלען איבעלקייט; אויסדופטען, אויסוועפען, שוואך ווערען, אנווערען דעם טעם [ווי אויסגעוועפטער שנאפס]; מאכען שוואך, ענטמוטיגען.

pal'la *n.* (פעל'-א) א פאלא [אזא ברייטע טוך, וועלכע רוימישע פרויען פלעגען טראגען אלס אויבער-מאנטעל]; א טוך, מיט וועלכער מען בעדעקט דעם אלטאר אין א קירך.

Palla

palla'dium *n.* (פע-ליי'-די-אם) דאס בילד אדער סטאטוע פון דער אלט-גריכישער געטין פאלאדא, די בעשיצערין פון דער שטאדט טראיא; דאס, וואס מען רעכענט פאר א שוץ אדער זיכערונג פון עפעס; פאלאדיום [א זעלטענער מעטאל, וועלכער איז ענהליך צו פלאטין. איז איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

Pal'las *n.* (פעל'-עס) אין דער אלט-גרי-

בישער מיטאלאגיע — פאלאס אדער אטהענע, די געטין פון חכמה און מלחמה; איינער פון די קליינע פלאנעטען, וואס דרעהען זיך ארום דער זון און געפינען זיך צווישען מארס און יופיטער.

pall'-bear'er *n.* (פאהל'–בעהר'–ער) איינער וואס געהט נאך דער מטה ביי א לויה.

palles'cence *n.* (פע-לעס'–ענס) בלייכקייט, בלאסקייט.

palles'cent *a.* (פע-לעס'–ענט) בלאס ווערענד; בלאסליך, אביסעל בלייך.

pal'let *n.* (פעל'–עט) א שטרויענער געלעגער; א מאטראץ פון שטרוי; דאס דרעה=ברעטעל פון א טעפער [א רונדער הילצערנער אינסטרומענט, וועלכען טעפער בענוצען צו מאכען רונד און גלאט די ליימענע כלים]; א פאליטרע [ז. *palette*]; אין פערגילדונגס=ארבייט — דער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען לעגט ארויף דאס גאלד=בלעטעל אויף'ן ארט וואו מען דארף בעגילדען; אין בוכבינדעריי — די מעטאלענע פלאטע, אין וועלכער עס ווערען איינגעפאסט די בוכשטאבען, וואס מען דארף אבדרוקען אויף'ן רוקען פון א בוך; אין ארגעל — די הילצערנע קלאפע, וועלכע לאזט אריין און שטופט ארויס די צוזאמענגעדריקטע לופט; דאס ברעט, אויף וועלכען מען טראגט אריבער נאך ניט אויסגעטריקענטע ציעגעל צו דעם ארט וואו מען טריקענט זיי; איינער פון די צוויי שפיצען פון א העמונגס=האקען, וועלכע פערהאלטען אדער רעגולירען די בעוועגונג פון א צאהן=רעדעל. ז. *escapement*

pal'lia *n.* (פעל'–אי–א) פאליומס; אלטאר=דעקען; פערדער=עהנליכע וואלקענס; אזעלכע גלח'שע טלית'לעך. ז. *pallium*

pal'lial *a.* (פעל'–אי–על) וואס איז שייך צו א פאליום, מאנטעל אדער צודעק; וואס איז שייך צו דער אויבערשטער געפאלדעוועטער הויט פון א מאלוסק. ז. *pallium*

palliasse' *n.* (פעל–יעס') ז. *paillasse*

pal'liate *v.* (פעל'–אי–אייט) פערדעקען, בעהאלטען; מאכען, אז איינער זאל זיך פערארויסווייזען וועניגער שולדיג דורך פערמילדעקען איינינגע פון זיינע חטאים; [ווי רען, פערלייכטערען, פערגרינגערען] פערלייכטערען א וועהטאג, ניט אויסהיילענדיג די קראנקהייט].

pallia'tion *n.* (פעל–אי–איי'–שאן) דאס פערקלענערען איינעמס שולד דורך פערדעקען איינינגע פון זיינע חטאים; דאס פערלייכטערען, דאס פערגרינגערען.

pal'liative *a. and n.* (פעל'–אי–איי–טיוו) פערלייכטערענד, פערגרינגערענד; א פערלייכטערונגס=מיטעל, א לינדערונגס=מיטעל; א פאליאטיוו [א מיטעל צו פערלייכטערען עפעס, אבער ניט פערמיידען עס].

pal'liatory *a.* (פעל'–אי–ע–טא–רי) פערלייכטערענד, פערמילדערענד.

pal'lid *a.* (פעל'–איד) בלאס, בלייך.

pallid'ity *n.* (פע–ליד'–אי–טי) בלאסקייט, בלייכקייט.

pal'lidly *adv.* (פעל'–איד–לי) בלאס, בלייך.

pal'lidness *n.* (פעל'–איד–נעס) ז. *pallidity*

pal'lium *n.* (פעל'–אי–אם) ביי די אלטע רוימער — דאס פאליום [א ברייטע טוך, וואס פלעגט דיענען אלס אויבער=מאנטעל פאר מענער]; אזא מין טלית'על וואס געטראגען ביי רוימיש קאטוילישע בישאפען [ז. איל.]; אן אלטאר=דעקע; די אויבערשטע געפאלדעוועטע הויט פון א מאלוסק; א פערדערען=עהנליכער וואלקען, וואס בעדעקט דעם גאנצען הימעל.



Pallium

pall-mall' *n.* (פעל–מעל') א מין שפיעל, וואו מען קלאפט אב א באל מיט א הילצערנעם האמער, דורכטרייבענדיג איהם דורך א קליין טויערעל; דער האמער וואס ווערט בענוצט אין דיעזען שפיעל; דער ארט פון דיעזען שפיעל.

pal'lor *n.* (פעל'–אר) בלייכקייט, בלאסקייט.

palm *n. and v.* (פאהם) די האנד=פלעכע, די דלאניע פון דער האנד; א טפח, א האנד=ברייט [אלס לענגען=מאס]; א פאלמע, א בוים פון די הייסע לענדער, ביי וועלכען די צווייגען און בלעטער וואקסען זיך פאנאנדער פון שפיץ אין דער פארם פון א פעכער; א צווייג אדער בלאט פון א פאלמע; דער ברייטער, פלאכער טייל פון א הירשהארן; דער ברייטער, פלאכער טייל פון אן אנקער; ארייננעהמען אין האנד, בעהאנדלען מיט דער האנד; בעהאלטען אין דער האנד; ארייגשווינדלען, ארויפצווינגען עפעס דורך שווינדעל.

Palms

pal'ma *n.* (פעל'–מא) די האנד=פלעכע [דלאניע]; דער קערפער=טייל פון א חיה, פויגעל אדער אינזעקט, וואס ענטשפרעכט דער האנד=פלעכע פון א מענשען.

pal'ma Chris'ti (פעל'–מא קרים'–טי) די ריצען=אויל פלאנצע [א בוים=ארטיג גראז, וואס וואקסט אין אסט=אינדיען און דרום=אמעריקא. פון די פרוכט=קערנער פון דיעזען גראז ווערט געמאכט ריצען=אויל]. ז. *castor-oil plant*

pal'mar *a. and n.* (פעל'–מאר) וואס איז שייך צו דער האנד=פלעכע [דלאניע]; א מוסקעל אדער נערוו וואס איז פערבונדען מיט דער האנד=פלעכע.

pal'mar arch (פעל'–מאר ארטש) די אויסגעבויגענע ארטעריע אדער שלאג=אדער אין דער האנד=פלעכע [דלאניע]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pal'mary *a.* (פעל'–מע–רי) וואס איז ווערטה צו בעקומען די פאלמע; וואס איז דער ערשטער, דער הויפט.

pal'mate *a.* (פעל'–מייט) עהנליך צו אן אויסגעשטרעקטער האנד=פלעכע [דלאניע]; האנד=פערמיג; ברייט מיט פינגער=עהנליכע ארויסשטארצונגען [ווי דער הארן פון א הירש]; וואס האט פינף פאנאנדערגענומענע לאפען [ווי די בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; וואס האט פינגער אויף די פיס מיט צונויפגעוואקסענע הייטלעך צווישען זיי [ווי די פיס פון די שווים=פויגלען].

pal'mated *a.* (פעל'–מיי–טעד) ז. *palmate*

palma'tion *n.* (פעל–מיי'–שאן) דאס אננעהמען אדער האבען די פארם פון אן אויסגעשטרעקטער האנד=פלעכע [דלאניע] מיט פאנאנדערגעשפרייטע פינגער.

palm'-cab'bage *n.* (פאהמ'–קעב'–עדזש) די קנאספען אדער נאך ניט פאנאנדערגעלאזענע בלעטער פון געוויסע פאלמען, וועלכע ווערען געברויכט אין עסען.

palm'-col'or *n.* (פאהמ'–קאל'–אר) פאלמען=קאליר [א ברוינליכער קאליר].

palmed *a.* (פאהמד) וואס האט א פערצווייגטען הארן [ווי דער הארן פון א הירש].

palm'er *n.* (פאהמ'–ער) איינער וואס בעהאלט עפעס אין דער האנד; א בעשווינדלער, א בעטריגער; א לינעאל, מיט וועלכען א לעהרער שלאגט דעם תלמיד איבער דער האנד=פלעכע; א פילגרים אדער פילגער; איינער וואס האט געוואנדערט אין די הייליגע ערטער פון פאלעסטינא און האט מיטגעבראכט אהיים פון דארטען א פאלמען=צווייג; איינער וואס איז עולה לרגל אין די הייליגע ערטער; די לארווא אדער דאס ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער אן אינזעקט; א קינסטליך=געמאכטע האריגע פליג, וועלכע פישער בענוצען צו פאנגען פיש; א מין אינזעקט, וועלכער האלט זיך אין האלץ.

palm'er-worm *n.* (פאהמ'–ער–הווארם) די לארווא [דער ווארים פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער אן אינזעקט].

pal'mette *n.* (פעל'–מעט) אין ארכיטעקטור — א פאלמעטע, א פערציערונג אויף דער וואנד פון א געביידע אין דער פארם פון א פאלמען=בלאט.

palmet'to *n.* (פעל–מעט'–או) א פאלמע מיט פעכער=ארטיגע בלעטער.

Par'aguayan *a. and n.* (פער'-ע-גהוויי-ען) וואס איז שייך צו פאראגוויי [א רעפובליק אין דרום=אמעריקא] אדער צו איהרע איינוואהנער; אן איינוואהנער פון פאראגוויי.

parahypno'sis *n.* (פער-ע-היפ-נאו'-סים) אן אוננארמאלער שלאף [ווי אין היפנאטיזם אדער סאמנאמבוליזם].

par'akeet *n.* (פער'-ע-קיעט) ז. *parrakeet*

parala'lia *n.* (פער-ע-ליי'-לי-א) אן אונדייטליכע אויסשפראכע [ווי ביים געברויכען א "ל" אנשטאט א "ר"].

paraleip'sis *n.* (פער-ע-לאיפ'-סים) ז. *paralipsis*

par'alepsis *n.* (פער'-ע-לעפ-סים) ז. *paralipsis*

paralip'sis *n.* (פער-ע-ליפ'-סים) אין רעטאריק — א פאראליפסים, אן ארט אויסדרוק, ווען דער רעדנער פערשוויינגט כלומר'שט עפעס אין דער צייט, ווען אין דער ווירקליכקייט שטרייכט ער עס אונטער [ווי למשל, "איך וויל אייך ניט דערמאנען וועגען מיין געגנערס שלעכטסקייט און נארישקייט"].

parallac'tic *a.* (פער-ע-לעק'-טיק) וואס געהערט צו א פאראלאקסע. ז. *parallax*

parallac'tical *a.* (פער-ע-לעק'-טי-קעל) ז. *parallactic*

par'allax *n.* (פער'-ע-לעקס) די פאראלאקסע, די שיינבארע אומבייטונג פון ארט פון א געגענשטאנד, ווען אין דער ווירקליכקייט האט זיך אומגעביטען נור דער פונקט, פון וועלכען מען קוקט אויף דיעזען געגענשטאנד [ווי למשל, ווען מיר קוקען אויף א געגענשטאנד דא מיט'ן רעכטען אויג, דא מיט'ן לינקען, דוכט זיך אונז, אז דער געגענשטאנד בייט אום עטוואס זיין ארט]; אין אסטראנאמיע — דער ווינקעל, וועלכער בילדעט זיך אויס פון צוויי ליניען, וואס ציהען זיך פון א שטערען: איינע צום צענטער פון דער ערד און די צווייטע צום בעאבאכטער.

par'allel *a., n. and v.* (פער'-ע-לעל) פאראלעל, גלייך=לויפענד; וואס געהט אין דערזעלבער ריכטונג; וואס האט דיזעלבע נייגונג; גלייך, עהנליך; א פאראלעלע ליניע אדער פלעכע [א ליניע אדער פלעכע וואס ציהט זיך אין דערזעלבער ריכטונג מיט אן אנדער ליניע אדער פלעכע און קען זיך מיט איהר קיינמאל ניט צוזאמענפאלען]; אין געאגראפיע — דער פאראלעל=קרייז [איינער פון די אימאגינערע קרייזען, וועלכע ליעגען פאראלעל צום עקוואטאר פון דער ערד]; א פערגלייכונג פון צוויי זאכען, דורך שטעלען זיי איינע נעבען דער אנדערער; א זאך וואס איז עהנליך צו אן אנדערער; אין פארטיפיקאציאן — א טראנשיי אדער גראבען פאראלעל צום פראנט פון א פעסטונג; מאכען פאראלעל, שטעלען עפעס ביי דער זייט פון אן אנדער זאך; מאכען עהנליך צו עפעס; פערגלייכען; שטעלען איינס

געגען דעם אנדערען; איבעראיינשטימען, זיין גלייך צו עפעס.

parallelepip'ed *n.* (פער-ע-לעל-ע-פיפ'-ער) אין געאמעטריע — א פאראלעלאפיפעד, א זעקס-זייטיגער קערפער, ביי וועלכען די זייטען זיינען פאראלעלאגראמען. ז. *parallelogram*.

parallelepip'edal *a.* (פער-ע-לעל-ע-פיפ'-ע-דעל) וואס האט די פארם פון א פאראלעלעפיפעד. ז. *parallelepiped*.

par'allelism *n.* (פער'-ע-לעל-איזם) דאס זיין פאראלעל אדער אויף א גלייכער ענטפערנונג פון עפעס; אן עהנליכקייט; א פערגלייכונג; אין פילאזאפיע — דער פאראלעליזם, די לעהרע, אז גייסט און מאטעריע זיינען ניט קיין פאלגע איינע פון די אנדערע, נאר זיי ביידע זיינען פאראלעלע ערשיינונגען פון איינער און דערזעלבער זאך [ווי א קרייז ווען מען קוקט אויף איהם פון דרויסען זעהט ער אוים קאנקאוו, און ווען מען קוקט אויף איהם פון אינוועניג זעהט ער אוים קאנוועקס].

par'allelize *v.* (פער'-ע-לעל-איז) מאכען פאראלעל.

par'allelly *adv.* (פער'-ע-לעל-אי) אויף א פאראלעלען שטייגער; גלייך, עהנליך.

parallel'ogram *n.* (פער-ע-לעל'-א-גרעם) א פאראלעלאגראם [א פיער-זייטיגע פיגור אין וועלכער די ענטגעגענגעזעצטע זייטען זיינען פאראלעל].

Parallelogram

parallelogrammat'ic *a.* (פער-ע-לעל-א-גרע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א פאראלעלאגראם; אין דער פארם פון א פאראלעלאגראם. ז. *parallelogram*.

parallelogrammat'ical *a.* (פער-ע-לעל-א-גרע-מעט'-אי-קעל) ז. *parallelogrammatic*.

parallelogram'mic *a.* (פער-ע-לעל-א-גרעמ'-איק) פאראלעלאגראם-פערמיג. ז. *parallelogram*.

parallelogram'mical *a.* (פער-ע-לעל-א-גרעמ'-אי-קעל) ז. *parallelogrammic*.

parallel'ogram of for'ces (פער-ע-לעל'-א-גרעם אוו פאור'-סעז) דאס פאראלעלאגראם פון קרעפטען [דער פרינציפ אין מעכאניק, אז ווען אויף א פונקט ווירקען צוויי קרעפטען אין פערשידענע ריכטונגען, דאן וועט די רעזולטירענדע קראפט, דאס הייסט דער רעזולטאט פון דיזע ביידע ווירקונגען, לויט גרויס און ריכטונג, גלייך זיין דעם דיאגאנאל פון א פאראלעלאגראם, וואס זיינע ליניען ענטשפרעכען דער גרויס און ריכטונג פון די צוויי ווירקענדע קרעפטען. צ. ב., ווען אויף דעם פונקט *A* ווירקט איין קראפט וואס איז גלייך לויט איהר גרויס און ריכטונג דער ליניע *AC* און א צווייטע קראפט וואס איז גלייך *AB*, דאן וועט די רעזולטירענדע קראפט זיין גלייך לויט גרויס און ריכטונג דער דיאגאנאל-ליניע *AD*].



Parallelogram of Forces

parallelopip'ed *n.* (פער-ע-לעל-א-פיפ'-ער) ז. *parallelepiped*.

paral'ogism *n.* (פע-רעל'-א-דזשיזם) א פאראלאגיזם, א פאלשער געדאנקענגאנג, א סילאגיזם אדער שלוס-פאלגערונג, וואו דער שלוס פאלגט ניט פון זאץ [ווי למשל: "אלע שוסטער זיינען מענשען; אברהם איז א מענש; פאלגליך, אברהם איז א שוסטער].

paral'ogize *v.* (פע-רעל'-א-דזשאיז) דענקען פאלש; מאכען א פאלשע שלוס-פאלגערונג.

paral'ogy *n.* (פע-רעל'-א-דזשי) ז. *paralogism*.

paral'ysis *n.* (פע-רעל'-אי-סיס) פאראליז, לעהמונג; אבשוואכונג; דאס זיין געלעהמט, דאס פערלירען די ענערגיע און טהעטיגקייט.

paralyt'ic *a. and n.* (פער-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו א פאראליז; וואס ליידעט פון א פאראליז אדער לעהמונג; איינער וואס איז פאראליזירט אדער געלעהמט.

par'alyzant *n.* (פער'-ע-לאי-זענט) עטוואס וואס פעראורזאכט פאראליז; א מעדיצינישער מיטעל וואס פעראורזאכט פאראליז.

paralyza'tion *n.* (פער-ע-לי-זיי'-שאן) די לעהמונג; דאס פאראליזירען אדער אבנעהמען די פונקציאנען; דאס זיין פאראליזירט.

par'alyze *v.* (פער'-ע-לאיז) פאראליזירען; אבנעהמען די פונקציאנען; טויטען די טהעטיגקייט; מאכען אונמעכטיג אדער אונניציג.

paramagnet'ic *a.* (פער-ע-מעג-נעט'-איק) פאראמאגנעטיש, וואס האט די איינענשאפט צוגעצויגען צו ווערען פון א מאגנעט. ז. *paramagnetism*.

paramag'netism *n.* (פער-ע-מעג'-נע-טיזם) פאראמאגנעטיזם, די אייגענשאפט פון געוויסע מעטאלען, ווי אייזען, ניקעל א. ד. ג. צוגעצויגען צו ווערען צו א מאגנעט [אין געגענזאץ צו דיאמאגנעטיזם]. ז. *diamagnetism*.

paramat'ta *n.* (פער-ע-מעט'-א) פאראמאטא [א מין לייכטע צייג געוועבט פון וואל און באוועל].

parame'nia *n.* (פער-ע-מי'-ני-א) אן אוננארמאלע מענסטרואציע.

par'ament *n.* (פער'-ע-מענט) אן ארנאמענט, א פערציערונג; די אויסערליכע זייט פון א וואנד אדער שטיין; אן ארבעל-מאנזשעט.

par'aments *n.* (פער'-ע-מענטס) פאראדנע קליידער; א פאראדנער אוניפארם.

param'eter *n.* (פע-רעמ'-ע-טער) א פאראמעטער [אין מאטעמאטיק — א גרעסע וועלכע דיענט צו בעשטימען א פונקט, א ליניע אדער גרעסע אין א גלייכונג, וועלכע ענטהאלט א גאנצע רייה אזעלכע פונקטען, ליניען אדער גרעסען; א כארדע וועלכע געהט דורך דעם ברען-פונקט פערפענדיקולאר צו דעם הויפט-אקס פון אן עליפסע, היפערבעל אדער פאראבעל]; די בעציהונג פון די דריי אקסען אין א קריסטאל, וועלכע בעשטימען די לאגע פון יעדער קריסטאל-פלעכע.

paramne'sia *n.* (פער-עמ-ני'-סי-א) א פאלשער זכרון [איינעמס איינגעבילדונג, אז ער געדענקט אזעלכע זאכען, וועלכע ער האט אין דער ווירקליכקייט קיינמאל ניט געהערט און ניט געזעהן].

par'amorph *n.* (פער'-ע-מאהרף) אין מינעראלאגיע — א פאראמארף [א פאלש-אויסגעבילדעטער מינעראל, וואס בעשטעהט פון דיזעלביגע כעמישע עלעמענטען ווי דער מינעראל, פון וועלכען ער האט זיך אויסגעבילדעט, נאר ער האט בעקומען אן אנדער מאלעקולארען געבוי און אנדערע פיזישע אייגענשאפטען].

paramor'phic *a.* (פער-ע-מאהר'-פיק) פאראמארפיש, וואס איז שייך צו א פאראמארף. ז. *paramorph*.

paramor'phism *n.* (פער-ע-מאהר'-פיזם) אין מינעראלאגיע — פאראמארפיזם [די פערוואנדלונג פון איין מינעראל אין אן אנדערען, וואס בעשטעהט פון דיזעלביגע כעמישע עלעמענטען, נאר בעקומט אן אנדער מאלעקולארען געבוי און אנדערע פיזישע אייגענשאפטען].

paramorpho'sis *n.* (פער-ע-מאהר-פאו'-סיס) ז. *paramorphism*.

paramor'phous *a.* (פער-ע-מאהר'-פאס) ז. *paramorphic*.

par'amount *a. and n.* (פער'-ע-מאונט) העכסט; וואס איז דער העכסטער אדער וויכטיגסטער; פון העכסטען גראד; פראמינענט; הויך; ערהאבען; אויסגעצייכענט; דער העכסטער; דער הויפט.

par'amountly *adv.* (פער'-ע-מאונט-לי) פון העכסטען גראד; מעשה גרויסער פריץ.

par'amour *n.* (פער'-ע-מוהר) א ליובאווניק, א געליעבטער פון א פערהייראטער פרוי; א ליובאווניצע, א געליעבטע פון א פערהייראטען מאן.

par'ang *n.* (פער'-ענג) א גרויס, שווער מעסער, וואס ווערט געברויכט אויף די מאלאאישע אינזלען אלס א האק-מעסער און אלס א שווערד.

Para'-nut *n.* (פע-רא'-נאט) ז. *Brazil-nut*.

par'anymph *n.* (פער'-ע-נימף) אין אלט-גריכענלאנד — דער פאראנימף אדער אונטערפיהרער פון דער כלה [דער נעהנטסטער פריינד פון דער כלה, וועלכער פלעגט זי בעגלייטען אין פאטער'ס הויז]; אן אונטערשטיצער, אן אונטערהאלטער.

par'apegm *n.* (פער'-ע-פעם) אין אלט-גריכענלאנד — א מעטאלענער טאוועל אויפגעהאנגען אויף א וואנד אדער אויף א סלופ אין אן עפענטליכען פלאץ, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט געוויסע תקנות, רעגעלען אדער דער לוח; א פארשריפט, א כלל.

parapeg'ma *n.* (פער-ע-פעג'-מא) ז. *parapegm*.

par'apet *n.* (פער'-ע-פעט) אין א פעסטונג — דער פאראפעט אדער ברוסט-וועהר [אן אנגעשאטענער וואל נעבען דעם גראבען אדער טראנשיי]; די פארענטשע פון א בריק, א באלקאן א. ד. ג.; דער טייל פון קינבאק, וואו עס זיצען די צייהן.

par'apeted *a.* (פער'-ע-פעט-עד) וואס האט א פאראפעט. ז. *parapet*.

par'aph *n. and v.* (פער'-עף) א צוק מיט דער פען אין אן אונטערשריפט; אונטערשרייבען זיך מיט א צוק ביים ענד.

paraphernа'lia *n.* (פער-ע-פויר-ניי'-לי-א) פוץ-ארטיקלען; פאראדנע קליידער אדער זאכען; נוציגע קלייניגקייטען [ווי די, וואס א מענש בענוצט אויף א רייזע]; ציערונג; אין געזעצגעבונג — פערזענליכע זאכען, וואס בעלאנגען צו א פרוי און אויף וועלכע דער מאן האט ניט קיין איינגענטומס-רעכט.

para'phia *n.* (פע-ריי'-פי-א) אן אוננארמאליטעט פון חוש-המשוש.

paraphimo'sis *n.* (פער-ע-פאי-מאו'-

סים) די פאראפימאזע אדער שפאנישער קראגען [א קרענקליכער צושטאנד פון מענליכען געשלעכטס=ארגאן, ווען די ערלה ציהט זיך אריבער איבער דעם קעפעל פון גליעד און איהר עפנונג איז אזוי שמאל, דאס זי קען צוריק ניט קומען אויף איהר פלאץ].

parapho'nia *n.* אן (פער-ע-פאו'-ני-א) אוננארמאלע אדער קרענקליכע ענדערונג פון דער שטימע.

par'aphrase *n. and v.* (פער'-ע-פרייז) א פאראפראזע, דאס איבערזעצען אדער איבערגעבען א טעקסט ניט בוכשטעבליך, נאר צוגעבענדיג פיעל אייגענע ווערטער, כדי צו מאכען די געדאנקען פון מחבר מעהר פערשטענדליך; אין מוזיק — דאס צוגעבען צו א פרעמדער מוזיקאלישער קאמפאזיציאן פיעל אייגענע וואריאציאנען; מאכען א פאראפראזע, איבערגעבען איינעמס טעקסט מיט אייגענע ווערטער צו מאכען איהם קלאר און פערשטענדליך.

par'aphraser *n.* (פער'-ע-פריי-זער) איינער וואס גיט איבער א טעקסט ניט אין א בוכשטעבליכער איבערזעצונג, נאר אויף א בעשרייבענדען אופן [כדי צו מאכען איהם קלאר און פערשטענדליך].

paraph'rasis *n.* (פע-רעפ'-רע-סים) א פאראפראזע. ז. *paraphrase*.

par'aphrast *n.* (פער'-ע-פרעסט) ז. *paraphraser*.

paraphras'tic *a.* (פער-ע-פרעס'-טיק) פאראפראזיש; וואס האט דעם כאראקטער פון א פאראפראזע. ז. *paraphrase*.

paraphras'tical *a.* (פער-ע-פרעס'-טי-קעל) ז. *paraphrastic*.

paraphras'tically *adv.* (פער-ע-פרעס'-טי-קעל-אי) אויף א פאראפראזישען אופן; איבערגעבענדיג א טעקסט ניט בוכשטעבליך, נאר ברייט בעשרייבענדיג איהם.

paraphreni'tis *n.* (פער-ע-פרי-נאי'-טים) די ענטצינדונג פון דער דיאפראגמע אדער צווערך=פעל. ז. *diaphragm*.

paraplec'tic *a.* (פער-ע-פלעק'-טיק) ז. *paraplegic*.

paraple'gia *n.* (פער-ע-פלי'-דזשי-א) א פאראליז פון דעם אונטערשטען טייל פון קערפער דורך א קראנקהייט אין רוקען=מארך.

paraple'gic *a.* (פער-ע-פלי'-דזשיק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פאראליז פון אונטערשטען טייל פון קערפער; וואס ליידט פון אזא פאראליז.

par'aplegy *n.* (פער'-ע-פלי-דזשי) ז. *paraplegia*.

parap'oplexy *n.* (פע-רעפ'-א-פלעק-סי) א צושטאנד עהנליך צו אפאפלעקסיע [פאראליז]; א פאלשער פאראליז.

parap'sis *n.* (פע-רעפ'-סים) ז. *paraphia*.

par'aquet *n.* (פער'-ע-קעט) ז. *parrakeet*.

parar'thria *n.* (פע-ראר'-טהרי-א) אן אוננארמאליטעט פון די שפרעך=ארגאנען; א שלעכטע אויסשפראכע.

par'asang *n.* (פער'-ע-סענג) דער פאראסאנג [א פערזישע און טערקישע לענגען=מאס, וואס ענטהאלט אונגעפעהר $3\frac{2}{5}$ ענגלישע מייל].

par'asceve *n.* (פער'-ע-סיוו) ערב שבת [דער טאג ווען מען גרייט אן אלץ אויף מארגען].

parasele'ne *n.* (פער-ע-סע-לי'-ני) די נעבען=לבנה [אן אבשיין אויף'ן הימעל, וואו עס דאכט זיך דאס מען זעהט צוויי אדער עטליכע לבנות].

Paraselenæ

par'asital *a.* (פער'-ע-סאי-טעל) ז. *parasitic*.

par'asite *n.* (פער'-ע-סאיט) א פאראזיט, א חיה אדער פלאנצע, וואס ערנעהרט זיך פון אן אנדערענס קערפער; איינער וואס לעבט אויף דעם צווייטענס חשבון; א דארמאיעדניק.

parasit'ic *a.* (פער-ע-סיט'-איק) פאראזיטיש, ווי א פאראזיט; וואס איז שייך צו א פאראזיט [ז. *parasite*]; אן אוננויטיגער בוכשטאב וואס איז צוגעשטעלט צו א ווארט.

parasit'ical *a.* (פער-ע-סיט'-אי-קעל) ז. *parasitic*.

parasit'ically *adv.* (פער-ע-סיט'-אי-קעל-אי) מעשה פאראזיט; אויף א פאראזיטישען אופן.

parasit'icide *n. and a.* (פער-ע-סיט'-אי-סאיד) א מיטעל צו פערניכטען פאראזיטען; וואס פערניכטעט פאראזיטען.

par'asitism *n.* (פער'-ע-סאי-טיזם) פאראזיטיזם; דאס זיין א פאראזיט; דאס לעבען אויף אן אנדערענס חשבון.

par'asitoid *a.* (פער'-ע-סאי-טאיד) ז. *parasitic*.

parasitol'ogy *n.* (פער-ע-סאי-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פאראזיטען. ז. *parasite*.

par'asol *n. and v.* (פער'-ע-סאל) א פאראסאל, א זונען=שירם, א זאנטיק; האלטען א זונען=שירם; מאכען איבער זיך א שאטען.

parasolette' *n.* (פער-ע-סא-לעט') א קליינער זונען=שירם.

parasynax'is *n.* (פער-ע-סי-נעק'-סים) אן אונגעזעצליכע פערזאמלונג.

paratax'is *n.* (פער-ע-טעק'-סים) אין גראמאטיק — דאס צוזאמענבינדען זעצע אהן פערבינדונגס=ווערטער.

parath'esis *n.* (פע-רעטה'-ע-סים) אין גראמאטיק — די אפאזיציאן [א הויפט=ווארט, וואס ערקלערט א צווייטען הויפט=ווארט, שטעהענדיג מיט איהם אין דעמזעלבען קאזוס, ווי למשל: חמר — וויין — שטעהט אין קעלער, חמר — אן עזעל — שטעהט אין שטאל]; אין רעטאריק — דאס וואס ווערט געזאגט אגב אורחא אדער אין קלאמערען מיט דעם ציעל אבצושטעלען זיך אויף דעם שפעטער גענויער; אין דער גריכיש=קאטוילישער קירך — א בעזונדערע תפילה וואס דער בישאף זאגט איבער אן ערשט=געטויפטען.

paraton'ic *a.* (פער-ע-טאנ'-איק) וואס פערהאלט אדער מאכט לאנגזאמער דעם וואוקס פון פלאנצען [בנוגע צו דער סומע פון ליכט וואס ווירקט אויף דעם וואוקס פון פלאנצען].

par'atory *n.* (פער'-ע-טא-רי) א פלאץ, וואו עפעס ווערט צוגעגרייט; א פלאץ אין א קלויסטער אדער מאנאסטיר, וואו מען האלט די הייליגע זאכען וואס ווערען געברויכט פאר פערשיעדענע צערעמאניעס.

paravail' *a.* (פער-ע-ווייל') וואס איז דער נידריגסטער אדער געמיינסטער; אין פעאדאלען=רעכט — וואס איז שייך צו אן אונטערטהאן אדער לעהנס=פערפפליכטעטען פון אן אנדער אונטערטהאן.

par'bake *v.* (פאר'-בייק) באקען וועניג, העלפט אויסבאקען; צו פיעל אנהיצען.

par'boil *v.* (פאר'-באיל) קאכען לייכט אדער וועניג; מאכען האלב=געקאכט; אנברענען די הויט אזוי, אז עס זאלען ווערען אויף איהר בלעזלעך; צו פיעל אנהיצען.

par'buckle *n. and v.* (פאר'-באקל) א שטריק, וועלכער איז אויף א געוויסען אופן אנגעצויגען אום אויפצוהויבען אין דער הויך א משא; אויפהויבען אדער ארונטערלאזען א משא מיט דער הילף פון אזא אנגעצויגענעם שטריק.



Parbuckle

par'cel *n., v. and adv.* (פאר'-סעל) 1. א פעקעל; א בינטעל; 2. א בעשטאנדטייל, א טייל; א שטיקעל; אן איינצעלהייט; 3. אן אבגעזונדערטער טייל פון א גאנצער צאהל; 4. אן אונבעשטימטע גרופע פון פערזאנען אדער זאכען; 5. א פארצעלע [א שטיק לאנד]; 6. מאכען א פעקעל; פאנאנדערטיילען אין בעזונדערע גרופען; אויסטיילען חלקים; טיילווייז, ביז א געוויסען גראד.

1. Please, send the **parcel** of tobacco to my house. 2. Every man is part and **parcel** of the society in which he lives. 5. My friend bought a **parcel** of land.

par'celing *n.* (פאר'-סעל-אינג) דאס ארומוויקלען א דיקען שטריק אדער קאנאט מיט א באנד לייווענד, וואס איז אנגעזאפט מיט טער אדער פעך; שטיקלעך לייווענד אנגעזאפט מיט פעך איינצוּוויקלען א שטריק; אויסטיילונג, פאנאנדערטיילונג.

parcella'tion *n.* (פאר-סע-ליי'-שאן) פאנאנדערטיילונג.

par'celling *n.* (פאר'-סעל-אינג) ז. *parceling*.

par'cel-of'fice *n.* (פאר'-סעל-אפ'-אים) אן ארט וואו מען נעהמט אן געפעק צו עקספעדירען.

par'cel out (פאר'-סעל אוט) אויסטיילען.

par'cel post (פאר'-סעל פאוסט) די אבטיילונג פון דער רעגיערונגס=פאסט,

וועלכע נעהמט אן צו עקספעדירען פאקע־טען און פעקלעך.

par'cels *n.* (פאר'־סעלז) אין געזעצגע־בונג — דער טייל פון א קאנטראקט אדער אנדער דאקומענט, וואו עס ווערט גענוי בעשריבען דאס גאנצע אייגענטום, וועגען וועלכען עס האנדעלט זיך אין דיזען קאנ־טראקט.

par'cenary *n.* (פאר'־סע־נע־רי) דער מיט־בעזיץ אדער געמיינשאפטליכעס איי־גענטום [ווען צוויי אדער עטליכע יורשים בעזיצען א ירושה וואס קען נים צוטיילט ווערען].

par'cener *n.* (פאר'־סע־נער) א מיט־יורש, א מיט־אייגענטימער. ז. *parcenary*.

parch *v.* (פארטש) סמאליען, צובאקען, בראטען; טריקענען; דארען; טרוקען ווע־רען.

par'chedness *n.* (פאר'־טשעד־נעס) אויסגעטריקענטקייט.

parchee'si *n.* (פאר־טשיע'־סי) ז. *pachisi*.

parchi'si *n.* (פאר־טשי'־סי) ז. *pachisi*.

parch'ment *n. and v.* (פארטש'־מענט) פארמעט, פערגאמענט; א דאקומענט גע־שריבען אויף פארמעט; פערוואנדלען אין פארמעט.

parch'mentize *v.* (פארטש'־מענ־טאיז) פערוואנדלען אין פארמעט.

parch'ment-ma'ker *n.* (פארטש'־מענט־מיי'־קער) א פארמעט־מאכער.

parch'ment pa'per (פארטש'־מענט פיי'־פער) פארמעט־פאפיער [אזא זארט דיק פאפיער].

parch'ment-skin *n.* (פארטש'־מענט־סקין) פארמעט־הויט [אזא קראנקהייט פון דער הויט, פון וועלכער זי ווערט טרו־קען, הארט און צורונצעלט].

parch'menty *a.* (פארטש'־מענ־טי) פארמעט־פארמיג, עהנליך צו פארמעט.

par'cimony *n.* (פאר'־סי־מא־ני) שפאר־זאמקייט. ז. *parsimony*.

par'close *n.* (פאר'־קלאוז) ז. *perclose*.

pard *n.* (פארד) א לעמפערט; א שותף, א חבר.

pardi' *int. and adv.* (פאר־די') ביי גאט! טאקע, אמת טאקע, געוויס.

par'don *v. and n.* (פארדן) פערגעבען, שענקען, בעגנאדיגען, פערצייהען, מוחל זיין; די פערגעבונג, דאס שענקען; בע־גנאדיגונג; פערצייהונג; מחילה.

par'donable *a.* (פאר'־דאנ־עבל) פער־צייהליך, פערגעבליך; וואס מען קען מוחל זיין.

par'donableness *n.* (פאר'־דאנ־עבל־נעס) פערצייהליכקייט, פערגעבליכקייט.

par'donably *adv.* (פאר'־דאנ־ע־בלי) אויף א פערצייהליכען אופן; אזוי, אז מען זאל עס קענען מוחל זיין.

par'don-bell *n.* (פאר'דנ־בעל) דאס קלינגען פון די קלויסטער־גלאקען אין דער פריה, נאכמיטאג און אין אבענד.

par'don-chair *n.* (פאר'דנ־טשעהר) דאס צימערעל, וואו דער גלח זיצט בעת מען איז זיך מתודה פאר איהם.

par'doner *n.* (פאר'־דאנ־ער) א פער־צייהער, א פערגעבער.

pardy' *int. and adv.* (פאר־די') ז. *pardi*.

pare *v.* (פעהר) אבשניידען; בעשניידען; אבשיילען.

paregor'ic *a. and n.* (פער־אי־גאר'־איק) וואס פערלייכטערט א וועהטאג; א מיטעל צו פערלייכטערען א וועהטאג; א טינקטור [לעזונג] פון אפיום, געמישט מיט פערשידענע אראמאטישע זאכען.

parencephali'tis *n.* (פער־ענ־סעפ־ע־לאי'־טיס) אן ענטצינדונג פון די קליינע געהירען [דער הינטערשטער טייל פון מארך].

parenceph'alon *n.* (פער־ענ־סעפ'־ע־לאן) די קליינע געהירען [דער הינטער־שטער טייל פון מארך].

parenceph'alus *n.* (פער־ענ־סעפ'־ע־לאס) איינער ביי וועמען עס זיינען וועניג ענטוויקעלט די קליינע געהירען [דער היג־טערשטער טייל פון מארך].

paren'chyma *n.* (פע־רענ'־קי־מא) דאס פארענכים, דאס וועזענטליכע געוועב פון אן אבר, דורך וועלכען ער פיהרט דורך זיינע ספעציפישע פונקציאנען, ווי דאס געוועב פון מאגען, וואס ארבייט אויס דעם מאגען־זאפט, דאס געוועב פון לעבער, וואס ארבייט אויס גאל א. ד. ג. [אין געגענ־זאץ צו יענעם געוועב פון אן ארגאן וואס דיענט נור אלס פערבינדונגס־מיטעל מיט אנדערע ארגאנען]; אין באטאניק — דאס וועזענטליכע צעלען־געוועב פון א פלאנצע.

paren'chymal *a.* (פע־רענ'־קי־מעל) וואס איז שייך צו פארענכים. ז. *parenchyma*.

parenchymati'tis *n.* (פער־ענ־קימ־ע־טאי'־טיס) אן ענטצינדונג פון דעם פא־רענכים. ז. *parenchyma*.

paren'chyme *n.* (פע־רענ'־קאים) ז. *parenchyma*.

paren'esis *n.* (פע־רענ'־ע־סיס) דאס איינרעדען, דאס איבערציינען.

parenet'ic *a.* (פער־אי־נעט'־איק) איי־בעררעדענד, איינרעדענד, איבערצייגענד.

parenet'ical *a.* (פער־אי־נעט'־אי־קעל) ז. *parenetic*.

par'ent *n.* (פעהר'־ענט) א פאטער אדער א מוטער; די אורזאכע, די קוועלע, דער אורשפרונג פון עפעס.

par'entage *n.* (פעהר'־ענ־טעדזש) די אבשטאמונג; קרובה'שאפט, פערוואנדשאפט [פון עלטערען און קינדער].

paren'tal *a.* (פע־רענ'־טעל) פאטערליך אדער מוטערליך; וואס איז שייך צו על־טערען.

Parenta'lia *n.* (פער־ען־טיי'־לי־א) אין אלטען רוים — די פארענטאליען [יאהר־צייטען, וועלכע מען פלעגט פייערען אויף די קברים פון געשטארבענע].

paren'thesis *n.* (פע־רענ'־טהע־סיס) די פארענטעזע, אן אריינגעשטעלטער זאץ [א זאץ, וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א צווייטען זאץ אהן א גראמאטיקאלישער פערבינדונג מיט איהם, ווי למשל: "ארעמ־קייט — זאגט דאס פאלק — איז נים קיין שאנדע"]; די קלאמערען אדער האלבע לבנות ( ), אין וועלכע מען שליסט איין אווארט אדער זאץ.

paren'thesize *v.* (פע־רענ'־טהע־סאיז) אריינשטעלען אין קלאמערען; מאכען אדער צייכנען אין דער פארם פון א האל־בער לבנה; געברויכען פארענטעזען אין שרייבען אדער רעדען. ז. *parenthesis*.

parenthet'ic *a.* (פער־ענ־טהעט'־איק) ז. *parenthetical*.

parenthet'ical *a.* (פער־ענ־טהעט'־אי־קעל) וואס איז שייך צו א פארענטעזע אדער צו א זאץ וואס איז אריינגעשטעלט אין אן אנדער זאץ אהן א גראמאטיקאלי־שער פערבינדונג; וואס געברויכט פארענ־טעזען אין רעדען אדער שרייבען; וואס איז אריינגעשטעלט אין קלאמערען; וואס איז אויסגעבויגען ווי א האלבע לבנה; וואס קומט פאר ווי א פארענטעזע, צופע־ליג, אהן א נויטווענדיגער פערבינדונג מיט דער פריהעריגער געשעהעניש.

parenthet'ically *adv.* (פער־ענ־טהעט'־אי־קעל־אי) ווי א פארענטעזע, פערבייגעהענדיג, אגב אורחא.

par'enthood *n.* (פעהר'־ענט־הוד) פא־טערשאפט אדער מוטערשאפט; דאס זיין א פאטער אדער מוטער.

par'er *n.* (פעהר'־ער) איינער וואס בע־שניידט עפעס; איינער וואס שיילט אב עפעס; א מאשין צום שיילען.

parereth'esis *n.* (פער־ע־רעטה'־ע־סיס) א קראנקהאפטע אויפרעגונג.

parer'gon *n.* (פע־רויר'־גאן) א צופע־ליגע ארבייט, א נעבען־ארבייט.

par'esis *n.* (פער'־ע־סיס) א טיילוויי־זער פאראליז [א פאראליז, וואו די מוס־קולען פון קערפער אדער פון אן ארגאן קענען זיך נים בעוועגען, אבער זיי האבען נים אנגעווארען זייער עמפפינדליכקייט אדער פיהלונגס־פעהיגקייט].

paret'ic *n. and a.* (פע־רעט'־איק) איי־נער וואס איז טיילוויין פאראליזירט; וואס איז שייך צו טיילווייזער פאראליזי־רונג.

pareu'nia *n.* (פע־רוה'־ני־א) ז. *coition*.

par excellence' (פאר עק־סע־לאנס') אויסגעצייכענטער אדער וויכטיגער ווי אלע אנדערע.

Champagne is the drink **par excellence**.

par'get *n. and v.* (פאר'־דזשעט) גיפס, טינק, פלאסטער; שטוקאטורע; טינקע־ווען, פלאסטערען.

par'geter *n.* (פאר'־דזשעט־ער) איינער וואס טינקעוועט, פלאסטערט אדער שטו־קאטורעוועט.

par'geting *n.* (פאר'־דזשעט־אינג) דאס טינקעווען אדער שטוקאטורעווען [פון א הויז]; דאס פלאסטערען.

parhe'lion *n.* (פאר־הי'־לי־אן) די נע־בען־זון [א ליכט־קרייז ארום דער זון, אין וועלכען עס זעהען זיך כלומר'שט צוויי אדער עטליכע זונען].

Parhelia

parhidro'sis *n.* (פאר־הי־דראו'־סיס) אן אוננארמאלעם שוויצען.

Pa'riah *n.* (פיי'־רי־א) א פאריא, איי־נער פון דער נידריגסטער קאסטע אדער קלאס מענשען אין אינדיען, אויף וועלכע מען קוקט מיט גרוים פעראכטונג און וועל־כע מען בעהאנדעלט ערגער ווי בהמות.

pa'riah *n.* (פיי'־רי־א) א פאריא, א מיטגליעד פון א נידריגער אינדישער קאס־טע; א פעראכטעטער, א פערשטויסענער.

par'ial *a.* (פער'-אי-על) פארוויין; וואס איז שייך צו א פאר.

Pa'rian *a. and n.* (פיי'-רי-ען) וואס איז שייך צום אינזעל פאראס [אן אינזעל פון עגעאישען ים, וואו מען בעקומט זעהר ווייסען מארמאר]; א מין פארצעלליי וואס איז עהנליך צו ווייסען מארמאר.

Pa'rian mar'ble (פיי'-רי-ען מארבל) דער פארישער מארמאר [ווייסער מאר=מאר=שטיין פון אינזעל פאראס].

Pa'rian porce'lain (פיי'-רי-ען פאהרס'-ליין) א מין פארצעלליי וואס איז עהנליך צו ווייסען מארמאר.

paridro'sis *n.* (פאר-אי-דראו'-סים) ז. *parhidrosis*.

pa'ries *n.* (פיי'-רי-איז) אין אנאטאמיע — א ווענטעל וואס רינגעלט ארום א חלל אין קערפער [ווי די ווענטלעך פון ברוסט=קאסטען אדער פון בויך]; אין באטאניק — די ווענטלעך פון זאמען=קאפסול ביי א פלאנצע.

pari'etal *a. and n.* (פע-ראי'-ע-טעל) וואס געהערט צו א וואנד; וואס ליעגט ביי דער וואנד, וואס ליעגט ביי די זייטען; דער רעכטער אדער לינקער ביין פון שארבען. ז. *paries*.

pari'etal bones (פע-ראי'-ע-טעל באונז) דער רעכטער און לינקער ביין פון שארבען וואס בילדען אוים דעם אויבערשטען טייל פון קאפ.

pari'etary *n.* (פע-ראי'-ע-טע-רי) דאס וואנד=קרוים. ז. *pellitory*.

par'ing *n.* (פעהר'-אינג) דאס ארומשנייידען, דאס שיילען; שאלעכץ; דאס ארא=געשניטענע אדער אבפאל פון עפעס.

par'ing-chis'el *n.* (פעהר'-אינג-טשיז'-על) א שטעם=אייזען [אזא ברייטער פלאכער דלאט וואס ווערט בענוצט פון סטאליארעס].

par'ing-i'ron *n.* (פעהר'-אינג-אי'-ערן) א מין מעסער וואס ווערט בענוצט ארומצושיילען די קאפיטע פון א פערד ביים שמידען.

par'ing-knife *n.* (פעהר'-אינג-נאיף) א שייל=מעסער [א קרום מעסער וואס דיענט אבצושיילען עפעס].

par'ing-plow *n.* (פעהר'-אינג-פלאו) א מין אקער=אייזען, וועלכער ווערט בענוצט אויסצורייסען ווארצלען פון דער ערד.

pa'ri pas'su (פיי'-ראי פעס'-יו) מיט גלייכע טריט, זייט ביי זייט, אין פאל=שטענדיגער איינשטימיגקייט.

The growth of America has been **pari passu** with the growth of immigration.

Par'is *n.* (פער'-אים) די שטאדט פאריז; די איינבעערע [א דופטיגע פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט איין יאגדע. געפינט זיך אויף די בערג אין אייראפא און אזיען].

Paris

Par'is green (פער'-אים גריען) פארי=זער גריון [אזא העל=גרינע פארב, וועלכע איז זעהר גיפטיג].

par'ish *n. and a.* (פער'-איש) א קירכען=בעצירק; א קירכען=געמיינדע; א בעצירק, א דיסטריקט; די איינוואהנער פון א גע=וויסען בעצירק אדער דיסטריקט; וואס איז שייך צו א קירכען=בעצירק אדער קיר=כען=געמיינדע; וואס ווערט אויפגעהאלטען דורך דער געמיינדע; דארפיש; פראווינ=ציעל.

par'ish bea'dle (פער'-איש ביעדל) א שמש, א געמיינדע=דיענער.

par'ish clerk (פער'-איש קלוירק) א שמש אין א קירך.

parish'ional *a.* (פע-ריש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א בעצירק; וואס איז שייך צו א קירכען=געמיינדע.

parish'ioner *n.* (פע-ריש'-אנ-ער) א מיטגליעד פון א קירכען=געמיינדע; אן איינוואהנער פון א געוויסען בעצירק אדער דיסטריקט.

par'ish poor (פער'-איש פוהר) אן ארימאן וואס לעבט אויף'ן חשבון פון דער קהלה.

par'ish priest (פער'-איש פריעסט) דער גלח פון א געוויסער קירכען=געמיינדע.

par'ish rate (פער'-איש רייט) די טאקסע וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף די מיטגליעדער פון א קירכען=געמיינדע אויס=צוהאלטען ארימע לייט.

par'ish sys'tem (פער'-איש סיס'-טעם) די סיסטעם, דורך וועלכער מיטגליעדער פון א געוויסער קירך זיינען פעראייניגט אין א בעזונדערער געמיינדע, וועלכע האט א רעכט צו נעהמען אנטייל אין די וואה=לען פון א פאסטאר.

par'ish watch (פער'-איש הוואטש) א פאליציסט פון א געמיינדע, בעצירק אדער דיסטריקט.

Paris'ian *a. and n.* (פע-ריזש'-יען) וואס איז שייך צו פאריז [די הויפט=שטאדט פון פראנקרייך]; א פאריזער, אן איינוואהנער פון פאריז.

Parisienne' *n.* (פע-רי-זי-ען') א פא=ריזערין, א פרויענצימער פון פאריז.

parisyllab'ic *a.* (פער-אי-סי-לעב'-איק) גלייך=זילביג; וואס האט דיעזעלבע צאהל זילבען.

parisyllab'ical *a.* (פער-אי-סי-לעב'-אי-קעל) ז. *parisyllabic*.

par'ity *n.* (פער'-אי-טי) גלייכקייט; אנאלאגיע; פעהיגקייט צו האבען קינדער.

park *n. and v.* (פארק) א פארק; א שפאציער=גארטען; א לוסט=גארטען; א בולוואר; אן ארומגעצאמטער פלאץ פאר בהמות אדער חיות; א פלאץ, וואו מען האלט זאכען וואס זיינען נויטיג פאר'ן מיליטער; די מיליטערישע זאכען וואס ווערען געהאלטען צוזאמען אין אזא פלאץ; א פאלשטענדיגער גאנג קאנאנען, אינסטרו=מענטען א. ז. וו.; א פלאץ, וואו מען הא=דעוועט אוים אויסטערם; ארומצאמען אדער איינשליסען [ווי אין א פארק]; צוזאמענברייגנען [ווי מיליטערישע זא=כען].

par'king *n.* (פאר'-קינג) פארקס [קאלעק=טיוו]; א בולוואר; דאס צונויפזאמלען מיליטערישע אויסשטאטונג.

par'kish *a.* (פאר'-קיש) עהנליך צו א פארק; וואס איז שייך צו א פארק.

park'-kee'per *n.* (פארק'-קיע'-פער) א פארק=אויפזעהער.

park'leaves *n.* (פארק'-ליעווז) יאהאנים=קרויט [אזא גראז]. ז. *Hypericum*.

park'way *n.* (פארק'-הוויי) א ברייטער וועג אדער שפאציער=גאנג פערפלאנצט פון ביידע זייטען מיט בוימער.

par'lance *n.* (פאר'-לענם) א געשפרעך, א שמועס; א שפראך; אן אויסדרוקס=פארם.

parlan'do *a.* (פאר-לאנ'-דא) אין מו=זיק — דעקלאמירענד, אין רעטשיטאטיוו [מעהר גערעדט ווי געזונגען].

parlan'te *a.* (פאר-לאנ'-טע) ז. *parlando*.

par'ley *n. and v.* (פאר'-לי) א געשפרעך, א שמועס; אן אונטעררעדונג, אן אונ=טערהאנדלונג; א האניג=לעקעכעל; שמוע=סען; אונטערהאנדלען; ארויסרעדען; רע=דען.

par'leying *n.* (פאר'-לי-אינג) אן אונ=טעררעדונג, אן אונטערהאנדלונג.

par'liament *n.* (פאר'-לי-מענט) א פאר=לאמענט; א זיך בעראטענדע פערזאמלונג.

parliamen'tal *a.* (פאר-לי-מענ'-טעל) פארלאמענטאריש.

parliamenta'rian *a. and n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א פארלאמענט, פארלאמענטאריש; אן אנ=העננער פון פארלאמענט; א פארלאמענ=טאריער; א פארלאמענטארישער אנפיה=רער אדער דעבאטאנט; איינער וואס איז בעקאנט מיט פארלאמענטארישע מנהגים און פראצעדורען.

He has the reputation of a **parliamentarian**.

Parliamenta'rian *a. and n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ען) אין דער געשיכטע פון ענגלאנד — וואס האט געדיענט אדער איז געווען אן אנהעננער פון דעם "לאנגען פארלאמענט" [אונטער דיעזען נאמען איז בעקאנט דער פארלאמענט וואס האט מיט אונטערברעכונגען עקזיסטירט פון 1640 ביז 1660, אדער דער פארלאמענט פון 1661]; אן אנהעננער פון דעם "לאנגען פארלאמענט"; איינער וואס האט געשטיצט די דערמאהנטע פארלאמענטען געגען די קעניגע טשארלס דעם ערשטען און טשארלס דעם צווייטען.

parliamenta'rianism *n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ענ-איזם) פארלאמענטארישע געזעצגעבונג; אנהענגערשאפט צו א פאר=לאמענטארישער רעגיערונגס=פארם.

parliamen'tarily *adv.* (פאר-לי-מענ'-טע-רי-לי) אויף א פארלאמענטארישען שטייגער.

parliamen'tarism *n.* (פאר-לי-מענ'-טע-ריזם) פארלאמענטאריזם, א פארלא=מענטארישע רעגיערונגס=פארם [ד. ה. וואו דאס לאנד ווערט רעגיערט דורך געוועהל=טע פארשטעהער פון פאלק]; א פארלא=מענטארישע רעגיערונגס=סיסטעם, וואו די אדמיניסטראטיווע מאכט אדער די מיניס=טארען זיינען פעראנטווארטליך פאר'ן פארלאמענט און ווען די מעהרהייט פון פארלאמענט שטימט געגען די פלענער פון די מיניסטארען, דארפען זיי רעזיגנירען.

parliamen'tary *a. and n.* (פאר-לי-מענ'-טע-רי) פארלאמענטאריש; וואס קומט פון פארלאמענט; א פארלאמענטאריער, א מיטגליעד פון פארלאמענט; איינער וואס איז בעקאנט מיט פארלאמענטארישע כללים און פראצעדורען; א פארלאמענטער [א שליח געשיקט צו פערהאנדלען מיט א שונא]; א ביליגער פאסאזשיר=צוג [אין ענגלאנד. ז. *parliamentary train*].

parliamen'tary bor'ough (פאר-לי-מענ'-טע-רי באר'-או) א שטאדט וואס האט א רעכט צו האבען א פערטרעטער אין פארלאמענט.

parliamen'tary burgh (פאר-לי-מענ'-טע-רי בוירג) ז. *parliamentary borough*.

parliamen'tary law (פאר-לי-מענ'-טע-רי לאה) די פארלאמענטארישע מנהגים און פראצעדורען.

parliamen'tary train (פאר'-לי-מענ'-טע-רי טריין) אין ענגלאנד — א ביליגער פאסאזשיר-צוג פון דריטען קלאס וואס מוז, לויט דער פעראָרדנונג פון פארלאמענט, לויפען אם וועניגסטען איין מאל אין טאג און מוז רעכענען ניט מעהר ווי צוויי פענים [4 סענט] א מייל; א שלעפּ-צוג.

par'liament-cake *n.* (פאר'-לי-מענט-קייק) האניג-לעקעכלעך.

parliamenteer' *v.* (פאר-לי-מען-טיער') זיין א קאנדידאט פאר'ן פארלאמענט; זיך בעשעפטיגען מיט פארלאמענטארישע ענינים.

par'liament-roll *n.* (פאר'-לי-מענט-ראול) א פראטאקאל פון די פערהאנדלונגען אין פארלאמענט.

par'-line *n.* (פאר'-לאין) די גרונד-ליניע, דער באזיס; דער נארמאלער שטאנד.

par'lor *n.* (פאר'-לאר) א סאלאן, א זאל; א גאסט-צימער, א וויזיט-צימער; א שפרעך-צימער, אן אלגעמיינעם צימער אין א שפיטאל, האטעל, פאנסיאן א. ז. וו.

par'lor-boar'der *n.* (פאר'-לאר-באור'-דער) א פאנסיאנער וואס האט ספּעציעלע פריווילעגיעס [וואס לעבט צוזאמען אדער איז אויף קעסט ביי די אויפזעהער אדער בעל הבתים פון פאנסיאן].

par'lor-car *n.* (פאר'-לאר-קאר) א סאלאן-וואגאן [א פאסאזשיר-וואגאן רייכער אויסגעשטאטעט ווי די געוועהנליכע וואגאנען].

par'lor-jump *v.* (פאר'-לאר-דזשאמפ) בעגעהן א גנבה אריינברעכענדיג זיך דורך די פענסטער.

par'lor-jum'ping *n.* (פאר'-לאר-דזשאמ'-פינג) דאס איינברעכען זיך אין א הויז [פון גנבים] דורך די פענסטער.

par'lor-maid *n.* (פאר'-לאר-מייד) א הויז-מיידעל, א דיענסט-מיידעל, וואס איז בעשעפטיגט נור אין עס-צימער און אין אנדערע פאראדנע צימערען.

par'lor-mai'ding *n.* (פאר'-לאר-מיי'-דינג) די ארבייט אדער בעשעפטיגונג פון א הויז-מיידעל. ז. *parlor-maid*

par'lor-match *n.* (פאר'-לאר-מעטש) א סאלאן-שוועבעלע [שוועבעלעך געמאכט אהן שוועבעל אדער מיט זעהר ווייניג שוועבעל, אזוי אז עס פיהלט זיך פון זיי ניט קיין אונאנגענעהמער גערוך].

par'lor-or'gan *n.* (פאר'-לאר-אהר'-גען) א הויז-ארגעל. ז. *harmonium*

par'lor-skate *n.* (פאר'-לאר-סקייט) ראל-גליטש-שיך [גליטש-שיך אויף רעדלעך]. ז. *roller-skate*

Parnas'sia *n.* (פאר-נעס'-אי-א) די פארנאס-פלאנצען אדער זומפ-הארצבלאט [א מין זעהר שעהנע גראזען וואס וואקסען אין קאלטע און פייכטע געגענדען].

Parnas'sian *a.* (פאר-נעס'-יען) וואס איז שייך צום פארנאס [א בארג אין גריכענלאנד, וואס איז, אין דער גריכישער מיטאלאגיע, געווען בעוואהנט פון די מוזען].

parnas'sian *a. and n.* (פאר-נעס'-יען) אן אפאלא-זומער-פויגעלע [א ווייסער אינזעקט, געלב געפלעקט. האלט זיך אין די אלפען-געגענדען אין אייראפא און אין די ראקי [פעלזען]-בערג אין אמעריקא].

Parnas'sus *n.* (פאר-נעס'-אס) פארנאס [א בארג אין גריכענלאנד, אויף וועלכען עס האבען, לויט דער גריכישער מיטאלאגיע, זיך געפונען די מוזען]; א וואהן-ארט פון פאעטען; א זאמלונג פון פאעזיע און שעהנער ליטעראטור.

paro'chial *a.* (פע-ראו'-קי-על) וואס איז שייך צו א קירכען-בעצירק, וואס איז שייך צו א געמיינדע; לאקאל, פראווינציעל; ענג, איינזייטיג.

paro'chialise *v.* (פע-ראו'-קי-על-איז) ז. *parochialize*

paro'chialism *n.* (פע-ראו'-קי-על-איזם) פערוואלטונג דורך געמיינדע-פארשטעהער; אדמיניסטראטיווע פאנאנדערטיילונג אין געמיינדען אדער קירכען-בעצירקען; פראווינציאליזם; בעשרענקטקייט, שמאל-קעפיגקייט, א בעשרענקטער בליק, איינזייטיגקייט.

paro'chialize *v.* (פע-ראו'-קי-על-איז) פאנאנדערטיילען אין געמיינדען אדער קירכען-בעצירקען.

paro'chially *adv.* (פע-ראו'-קי-על-אי) אין דעם קירכען-בעצירק; דורך דער געמיינדע; קירכען-בעצירק נאך קירכען-בעצירק.

parod'ic *a.* (פע-ראד'-איק) פאראדיש, ווי א פאראדיע [א לעכערליכע אדער שפאסיגע ליטעראַרישע נאכאהמונג].

parod'ical *a.* (פע-ראד'-אי-קעל) ז. *parodic*

parod'ically *adv.* (פע-ראד'-אי-קעל-אי) ווי א פאראדיע, אין דעם סטיל פון א שפאסיגער אדער לעכערליכער ליטעראַרישער נאכאהמונג.

par'odist *n.* (פער'-א-דיסט) א פאראדיען-שרייבער, א שרייבער פון שפאסיגע אדער לעכערליכע ליטעראַרישע נאכאהמונגען.

par'ody *n. and v.* (פער'-א-די) א פאראדיע [א לעכערליכע אדער שפאסיגע ליטעראַרישע נאכאהמונג]; א לעכערליכע אדער שפאסיגע נאכאהמונג; מאכען א פאראדיע.

parœmiog'rapher *n.* (פע-ריע-מי-אג'-רע-פער) א שרייבער פון שפריכווערטער.

parol' *n. and a.* (פע-ראול') ז. *parole*

parole' *n., a. and v.* (פע-ראול') א פאראלע, א לאזונג, א פאסיר-ווארט; א ווארט; אן עהרענווארט; א מינדליכער אויסדרוק, ערקלערונג אדער פערשפרעכען; אן ערקלערונג אין געריכט; מינדליך; ניט געשטעמפעלט [וועגען א דאקומענט]; בעפרייען אויף עהרענווארט; אננעהמען אן עהרענווארט אדער מינדליכען פערשפרעכען.

parole'-arrest' *n.* (פע-ראול'-ע-רעסט') אן ארעסט געמאכט אויף א מינדליכען בעפעהל פון א ריכטער.

paromol'ogy *n.* (פער-א-מאל'-א-דזשי) אין רעטאריק — אן אויסדרוק, דורך וועלכען מען גיט עפעס צו דעם געגנער מיט'ן צוועק צו פערשטארקערען די אייגענע ארגומענטען.

paronoma'sia *n.* (פער-א-נא-מיי'-סי-א) ז. *paronomasy*

paronomas'tic *a.* (פער-א-נא-מעס'-טיק) עהנליך צו א ווארט-שפיעל, ווי א ווארט-שפיעל.

paronomas'tical *a.* (פער-א-נא-מעס'-טי-קעל) ז. *paronomastic*

paronom'asy *n.* (פער-א-נאמ'-ע-סי) פאראנאמאסיע, א ווארט-שפיעל, געברויך פון עהנליך-קלינגענדע ווערטער פון פערשיעדענער בעדייטונג, געברויך פון איין און דעמזעלבען ווארט אין פערשיעדענע בעדייטונגען.

Paronych'ia *n.* (פער-א-ניק'-אי-א) קנאפעלקרויט [א מין גראזען].

paronych'ia *n.* (פער-א-ניק'-אי-א) א נאגעל-געשוויר, אן ענטצינדונג ארום נאגעל.

par'onym *n.* (פער'-א-נים) א פאראנים [איינס פון צוויי ווערטער וואס ווערען ארויסגערעדט אויף'ן זעלבען שטייגער, ווערען אבער אנדערש געשריבען און האבען פערשיעדענע בעדייטונגען, ווי למשל: "שטעהן" און "שטיין"; א ווארט פון איין שפראך וואס איז כמעט עהנליך צום זעלבען ווארט פון אן אנדער שפראך, ווי "קאנאל" און "*canal*"; א ווארט וואס שטאמט פון אן אנדער ווארט, ווי "גרויסקייט" פון "גרויס"].

paronym'ic *a.* (פער-א-נימ'-איק) פאראנימיש. ז. *paronym*

paronymisa'tion *n.* (פע-ראנ-אי-מי-זיי'-שאן) ז. *paronymization*

paron'ymise *v.* (פע-ראנ'-אי-מאיז) ז. *paronymize*

paronymiza'tion *n.* (פע-ראנ-אי-מי-זיי'-שאן) דאס בילדען א פאראנים, מאכען פאראנימיש. ז. *paronym*

paron'ymize *v.* (פע-ראנ'-אי-מאיז) בילדען א פאראנים, פערוואנדלען אין א פאראנים. ז. *paronym*

paron'ymous *a.* (פע-ראנ'-אי-מאס) פאראנימיש. ז. *paronym*

paron'ymy *n.* (פע-ראנ'-אי-מי) דאס זיין פאראנימיש [ז. *paronym*]; דאס בילדען א כמעט עהנליך ווארט פון א ווארט פון אן אנדער שפראך [ווי למשל, די מעהרסטע וויסענשאפטליכע טערמינען, וואס זיינען גענומען פון לאטייניש און גריכיש און ווערען לייכט געענדערט לויט דעם גייסט פון די בעזונדערע שפראכען, אין וועלכע זיי געהען אריין].

parop'sis *n.* (פע-ראפ'-סיס) א פערדארבענע ראיה.

par'oquet *n.* (פער'-א-קעט) ז. *parrakeet*

paros'mia *n.* (פע-ראס'-מי-א) א פערדארבענער חוש הריח.

paros'mis *n.* (פע-ראס'-מיס) ז. *parosmia*

parot'ic *a.* (פע-ראט'-איק) וואס געפינט זיך ביים אויער.

parot'id *a. and n.* (פע-ראט'-איד) וואס געפינט זיך ביים אויער; די אויערען-שפייעכץ-דריזע [די דריזע אין אויער וועלכע טיילט אויס שפייעכץ]; א טייל פון א פאנצער צו בעשיצען דעם אויער [ביי די פארצייטיגע גריכען].

parotidi'tis *n.* (פע-ראט-אי-דאי'-טיס) ז. *parotitis*

paro'tis *n.* (פע-ראו'-טיס) די אויערען-שפייעכץ-דריזע.

parotit'ic *a.* (פער-א-טיט'-איק) וואס ליידעט פון אן ענטצינדונג פון דער אויערען-שפייעכץ-דריזע.

paroti'tis *n.* (פער-א-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די אויערען-שפייעכץ-דריזען.

par'oxysm *n.* (פער'-אק-סיזם) א פאראקסיזם, א פעריאדישער אויסברוך פון א קראנקהייט; א ספאזמע, א קאנוואולסיע; אן אויסברוך; א מחלוקה.

paroxys'mal *a.* (פער-אק-סיז'-מעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פאראקסיזם [א פעריאדישער אדער קאנוואולסיווער אנפאל פון א קראנקהייט]; קאנוואולסיוו; וואס איז פעראורזאכט דורך א נאטור-אויסברוך.

paroxys'mally *adv.* (פער-אק-סיז'-

מעל־אי) ווי א פאראקסיזם, ווי אן אויס־
ברוך, ספאזמען־עהנליך, ווי א קאנוואולסיע.

paroxys'mic *a.* (פער־אק־סיז'־מיק)
ז. *paroxysmal*

parquet' *n., a. and v.* (פאר־קעט') פארקעט [דער טייל פון א טעאטער־זאל פון ארקעסטער ביז דעם ראנד פון דער גאלעריע; פארטער, דער גאנצער אונטער־שטער זאל פון טעאטער]; פארקעט־ארבייט אדער א פארקעט־דיל; וואס בעשטעהט פון פארקעט־ארבייט; מאכען א פארקעט־דיל.
ז. *parquetry*

par'quetage *n.* (פאר'־קעט־איידזש)
ז. *parquetry*

parquet'ed *a.* (פאר־קעט'־עד) פארקע־טירט, אויסגעלעגט מיט פארקעט.
ז. *parquetry*

parqueterie' *n.* (פאר־קעט־ע־ריע')
ז. *parquetry*

par'quetry *n.* (פאר'־קעט־רי) פארקעט, פארקעט־ארבייט [האלץ־ארבייט וואס ווערט געמאכט פאר דילען, וועלכע ווערען אויסגעלעגט מיט קליינע ברעטלעך אין פערשיעדענע פיגורען].


Parquetry

parquette' *n. and a.* (פאר־קעט')
ז. *parquet*

parr *n.* (פאר) א יונגער לאקס; א יונגער שטאקפיש.

par'rakeet *n.* (פער'־ע־קיעט) אזא קליי־נער פאפוגאי.

par'ral *n.* (פער'־על) א שטריק אדער קייט מיט וועלכער עס ווערט בעפעס־טיגט דער מיטען פון די שטריק־ווערק צו דעם מאסט אויף א שיף.

par'rel *n.* (פער'־על) א שטריק אדער קייט צו בעפעסטי־גען די שטריק־ווערק צו דעם מיטען פון דעם מאסט פון א שיף; א בעציערונג אויף א קאמין.


Parrakeet

par'rel-rope *n.* (פער'־על־ראופ)
ז. *parral*

parrhe'sia *n.* (פע־ריע'־סי־א) אין רע־טאריק — אפענהערציגקייט און מוטיגקייט אין רעדען; טאדלונג.

par'rhesy *n.* (פער'־אי־סי)
ז. *parrhesia*

par'ricidal *a.* (פער'־אי־סאי־דעל) וואס איז שייך צו אן עלטערען־מארד אדער עלטערען־מערדער; שולדיג אין עלטערען־מארד. ז. *parricide*

par'ricide *n.* (פער'־אי־סאיד) אן על־טערען־מארד, א פאטער־מארד, א מוטער־מארד, ערמארדונג פון איינעם וואס מען דארף אכטען [ווי א קעניג, א קרוב א. ז. וו.]; אן עלטערען־מערדער, א פאטער־מערדער, א מוטער־מערדער, א קעניג־מערדער, א קרובים־מערדער.

par'roquet *n.* (פער'־א־קעט)
ז. *parrakeet*

par'rot *n. and v.* (פער'־אט) א פאפו־גאי; איינער וואס רעדט נאך אנדערע, איינער וואס ווידערהאלט פרעמדע רייד [ווי א פאפוגאי]; נאכרעדען אדער ווי־דערהאלען מעכאניש ווי א פאפוגאי; פלוי־דערען ווי א פאפוגאי.

Parrot

par'rot-coal *n.* (פער'־אט־קאול) א מין קויהלען, וואס קנאקען ביים ברענען.

par'roter *n.* (פער'־אט־ער) איינער וואס רעדט נאך ווי א פאפוגאי.

par'rot-fish *n.* (פער'־אט־פיש) א ים־פאפוגאי [א נאמען פון פערשיעדענע מינים פיש, וועלכע זיינען עהנליך צו א פאפוגאי מיט דער הויט־פארב אדער מיט דער פארם פון דעם מויל].

Parrot-fish

par'rotry *n.* (פער'־אט־רי) דאס נאכ־רעדען אדער נאכאהמען ווי א פאפוגאי.

par'rot-wrasse *n.* (פער'־אט־רעס) דער פאפוגאי ליפ־פיש אדער ים־פאפוגאי [א פיש וואס איז עהנליך צו א פאפוגאי מיט דער הויט־פארב און מיט דעם געבוי פון מויל].

par'ry *v. and n.* (פער'־אי) פארירען, אבווענדען א קלאפ [אין געפעכט]; אב־וועהרען, אבווענדען; אויסמיידען; זיך פערטיידיגען; פעכטען; דאס פארירען, דאס אבוועהרען א קלאפ [אין געפעכט]; א געשיקטער איבערפאל, א געשיקטע פער־טיידיגונג.

pars *n.* (פארז) — א אין אנאטאמיע טייל, א גליעד.

parse *v.* (פארס) גראמאטיש אנאליזירען א זאץ.

Par'see *n. and a.* (פאר'־סיע) א פארס, אן אנהענגער פון דער זאראאסטרישער רעליגיאן [די רעליגיאן פון פייער־פערע־רונג ביי די אמאליגע פערזיאנער]; די אמאליגע שפראך פון די פארסען אין וועל־כער זייער רעליגיאנס־ליטעראטור איז גע־שריבען; וואס איז שייך צו די פארסען.
ז. *Parseeism*

Par'seeism *n.* (פאר'־סיע־איזם) די רע־ליגיאן פון די פארסען אדער פייער־פער־געטערער [א פערזישע סעקטע אין אינ־דיען און אין פערזיען וואס האלט זיך נאך ביז יעצט ביי דער פארצייטיגער פער־זישער רעליגיאן אדער ביי דער לעהרע פון זאראאסטרא. דיעזע רעליגיאן אנער־קענט צוויי הויפט געטער: ארמוזד, דער גאט פון ליכט און פון אלעם וואס איז גוט, און אהרימאן, דער גאט פון פינסטערניש און פון אלעם וואס איז שלעכט].

par'ser *n.* (פאר'־סער) איינער וואס מאכט א גראמאטישען אנאליז.

Par'si *n. and a.* (פאר'־סי)
ז. *Parsee*

parsimo'nious *a.* (פאר־סי־מאו'־ני־אס) שפארזאם; שפארעוודיג; קארג.
A nation must not pursue a **parsimonious** policy towards the poor and unfortunate.

parsimo'niously *adv.* (פאר־סי־מאו'־ני־אס־לי) מיט שפארזאמקייט, מיט קארג־שאפט.

parsimo'niousness *n.* (פאר־סי־מאו'־ני־אס־נעס) שפארזאמקייט; קארגשאפט.

par'simony *n.* (פאר'־סי־מא־ני) שפאר־זאמקייט; קארגשאפט.

par'sing *n.* (פאר'־סינג) א גראמאטיקא־לישער אנאליז, א פאנאנדערגליעדערונג פון א זאץ.

pars'ley *n.* (פארס'־לי) פעטרישקע.

pars'nip *n.* (פארס'־ניפ) פאסטערנאק, א ווייסער מער.

Parsnip

par'son *n.* (פארסן) א גייסטליכער, א גלח, א פאסטאר; אזא קליינער פינק [אזא פויגעלע] אין בראזיליען; די פאע אדער דער פאסטאר־פויגעל.
ז. *parson-bird*

par'sonage *n.* (פאר'־סאן־עדזש) דאס הויז פון א גייסטליכען; קיר־כען־איינגענטום [צום אויפהאלטען דעם גייסטליכען].

par'son and clerk (פארסן ענד קלוירק) אזא קינדער־שפיעל מיט פערברענטען פא־פיער.

par'son-bird *n.* (פאר'סן־בוירד) די פאע אדער דער פאסטאר־פויגעל [אזא שווארץ זינג־פויגעלע אין ניי־זעעלאנד מיט לאנגע ווייסע גרייזעלדיגע פעדערען אויף'ן האלז און א ווייסען שטרייף אויף די פליגלען].

Parson-bird

parson'ic *a.* (פאר־סאנ'־איק) גלח'יש; גייסטליך.

parson'ical *a.* (פאר־סאנ'־אי־קעל)
ז. *parsonic*

par'sonish *a.* (פאר'־סאנ־איש) גלח'יש.

par'son's nose (פארסנז נאוז) דער הינטער־טייל [דאס תחת'על] פון אן עוף.

par'son's week (פארסנז הוויעק) די צייט צווישען איין זונטאג און צווייטען.

part *n., v. and adv.* (פארט) 1. א טייל; א גליעד; א חלק; א שטימע, אן אינסטרומענט אין א כאר אדער ארקעסטער; מוזיק בעשטימט פאר איין שטימע אדער איין אינסטרומענט; 2. די ארבייט, די פליכט, די אויפגאבע; 3. א ראלע [פון אן אקטיאר]; 4. פעהיגקייט, טאלאנט; 5. א צד, א פארטיי, א זייט; 6. א געגענד, א פלאץ; א שרונט, א האר־צוטיילונג; טיילען, פאנאנדערטיילען; צוריסען [א שיפס־שטריק]; זיך אבטיילען, זיך פאנאנדערטיילען; צוריסען ווערען, אבגעריסען ווערען; 7. זיך שיידען, פערלאזען, אוועקגעהן; 8. נעהמען א חלק; 9. טיילווייז.

2. It is the **part** of the poet to picture the beauties of nature. 4. He is a man of many **parts**. 5. I hope you will take my **part** in the controversy. 7. Let us **part** as friends not as enemies.

par'table *a.* (פאר'-טעבל) טיילבאר, וואס קען צוטיילט ווערען.

partake' *v.* (פאר-טייק') 1. אנטייל נעהמען; 2. האבען געמיינשאפטליכעס; 3. האבען א חלק, נעהמען א טייל.

1. We were invited to **partake** of refreshments. 2. Men often **partake** of the nature and instincts of beasts.

parta'ker *n.* (פאר-טיי'-קער) אן אנטיילנעהמער.

part and par'cel (פארט ענד פאר'-סעל) א וויכטיגער בעשטאנד־טייל.

All the generals were **part and parcel** of the conspiracy.

part com'pany (פארט קאמ'-פע-ני) זיך פאנאנדערגעהן, זיך אבטיילען, געהן מיט פערשיעדענע וועגען.

par'ter *n.* (פאר'-טער) א צוטיילער, איינער וואס טיילט פאנאנדער אדער צושיידט.

parterre' *n.* (פאר-טעהר') פארטער, דער זאל פון א טעאטער; דער טייל פון טעאטער־זאל וואס איז אונטער דער גאלעריע; דער אונטערשטער עטאזש פון א הויז; א רייה בלומען־בייטען.

par'tes *n.* (פאר'-טיז) אין אנאטאמיע — טיילען. ז. *pars*

part e'ven hands (פארט איוון הענדז) פאנאנדערטיילען זיך אין גלייכע חלקים.

part friends (פארט פרענדז) זיך פאנאנדערגעהן אלס פריינד.

parthenogen'esis *n.* (פאר-טהע-נא-דזשענ'-ע-סיס) דאס פערמעהרען זיך אהן א געשלעכטליכער צוזאמענפארונג; דאס געבארען ווערען פון א בתולה.

parthenogenet'ic *a.* (פאר-טהע-נא-דזשי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו פערמעהרונג אהן געשלעכטליכער צוזאמענפארונג; געבארען פון א בתולה.

parthenog'eny *n.* (פאר-טהע-נאדזש'-ע-ני) ז. *parthenogenesis*

parthenol'ogy *n.* (פאר-טהע-נאל'-א-דזשי) א בעשרייבונג אדער אבהאנדלונג וועגען דעם צושטאנד פון מיידעלשאפט.

par'tial *a. and n.* (פאר'-שעל) 1. טיילווייז; וואס איז שייך צו א טייל; 2. אין באטאניק — אונטערגעארדענט, נעבענזעכליך, פון צווייטען גראד; 3. פארטייליך, פארטייאיש; בעזונדערס גענייגט צו איינעמס גונסטען; מיט א שטארקער פארליעבע; אן איבערטאן.

1. **Partial** knowledge is worse than downright ignorance. 3. Parents must not be **partial** to some of their children.

par'tial accep'tance (פאר'-שעל עק-סעפ'-טענס) דאס אננעהמען מיט א תנאי [ווי פון א וועקסעל].

par'tial assign'ment (פאר'-שעל ע-סאינ'-מענט) דאס אבשרייבען בלויז א טייל פון פערמעגען אלס פערזיכערונג פאר א חוב.

par'tialism *n.* (פאר'-שעל-איזם) פארטייליכקייט; א צו שטארקע נייגונג אדער פארליעבע; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז יעזוס'עס טויט האט מכפר געווען אויף די זינד פון בלויז א טייל פון דער מענשהייט.

par'tialist *n.* (פאר'-שעל-איסט) דער וואס איז פארטייאיש אדער בעזונדערס גענייגט [צו עטוואס]; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — איינער וואס האלט, אז יעזוס'עס טויט האט מכפר געווען אויף די זינד פון בלויז א טייל פון דער מענשהייט.

partial'ity *n.* (פאר-שי-על'-אי-טי) פארטייאישקייט, פארטייליכקייט; א בעזונדערע נייגונג אדער פארליעבע צו עפעס אדער אימעצען.

par'tialize *v.* (פאר'-שעל-איז) מאכען פארטייאיש; זיין פארטייאיש.

par'tial loss (פאר'-שעל לאהס) א טיילווייזער פערלוסט [אין דער פערזיכערונג פון שיפען און שיפס־פראכט].

par'tially *adv.* (פאר'-שעל-אי) טיילווייז; אויף א פארטייאישען אופן.

par'tial tone (פאר'-שעל טאון) אן איבערטאן.

par'tial ver'dict (פאר'-שעל וואיר'-דיקט) א געריכטליכער אורטייל אדער פעראורטיילונג וואס האט א שייכות בלויז צו א טייל פון דער קלאגע.

partibil'ity *n.* (פאר-טי-ביל'-אי-טי) טיילבארקייט.

par'tible *a.* (פאר'-טיבל) טיילבאר, וואס מען קען פאנאנדערטיילען.

par'ticeps crim'inis (פאר'-טי-סעפס קרימ'-אי-ניס) דער מיטשולדיגער [אין א פערברעכען].

partic'ipable *a.* (פאר-טיס'-אי-פעבל) וואס מען קען אין דעם אנטייל נעהמען.

partic'ipancy *n.* (פאר-טיס'-אי-פענ-סי) אנטייל־נעהמונג.

partic'ipant *a. and n.* (פאר-טיס'-אי-פענט) אנטייל־נעהמענד; אן אנטייל־נעהמער.

Our school is a frequent **participant** in athletics.

partic'ipantly *adv.* (פאר-טיס'-אי-פענט-לי) אלס אנטייל־נעהמער; נעהמענדיג אנטייל.

partic'ipate *v.* (פאר-טיס'-אי-פייט) 1. נעהמען אנטייל, האבען א חלק; 2. האבען געמיינשאפטליכעס.

1. Loyal friends must **participate** in each other's joys and sorrows. 2. Some creatures **participate** with the nature of plants and animals.

participa'tion *n.* (פאר-טיס-אי-פיי'-שאן) אן אנטייל; דאס אנטייל־נעהמען.

partic'ipative *a.* (פאר-טיס'-אי-פיי-טיוו) וואס קען אנטייל נעהמען.

partic'ipator *n.* (פאר-טיס'-אי-פיי-טאר) אן אנטייל־נעהמער.

particip'ial *a.* (פאר-טי-סיפ'-אי-על) עהנליך צו א פארטיציפיום; וואס בעשטעהט אדער איז געבילדעט פון א פארטיציפיום. ז. *participle*

particip'ially *adv.* (פאר-טי-סיפ'-אי-על-אי) ווי א פארטיציפיום; אלס פארטיציפיום. ז. *participle*

par'ticiple *n.* (פאר'-טי-סיפל) דאס פארטיציפיום [א פארם פון א צייטווארט, וואס דיענט אלס בייווארט אדער אייגענשאפטס־ווארט. למשל: *loving* און *loved* פון *love*, אדער ליעבענד, ליעבענדיג, געליעבט פון "ליעבען"].

par'ticle *n.* (פאר'-טיקל) א טיילכעל, א שטיקעלע, א ברעקעל; א טראפען, א ביסעלע; אן אטאם; אין גראמאטיק — רעדע־טיילען וואס זיינען פון צווייטער בעדייטונג ביים צוזאמענשטעלען א זאץ [ווי א קאניוקטיוו, אן אדווערב, א פערהעלטנים־ווארט אדער פירווארט].

par'ti-coa'ted *a.* (פאר'-טי-קאו'-טעד) ז. *party-coated*

par'ti-col'or *n.* (פאר'-טי-קאל'-אר) ז. *party-color*

partic'ular *a. and n.* (פאר-טיק'-יו-לאר) 1. בעזונדער, ספעציעל; איינצעלן; ספעציפיש; כאראקטעריסטיש בלויז פאר א בעשטימטער זאך, ארט א. ז. וו.; פערזענליך, פריוואט, אינדיווידועל; 2. בעמערקענסווערטה, אויסערגעוועהנליך, אויסגעצייכענט; פינקטליך, גענוי; 3. מאדנע, זאנדערבאר; 4. איבערקלייבעריש, וואס איז מקפיד, פארזיכטיג, איבערלעגט; 5. אן איינצעלהייט; א גענויער, פינקטליכער בעריכט; 6. עטוואס וואס איז ספעציעל געמאכט פאר אימעצען, עטוואס פון א ספעציעלען אויסוואהל.

1. We met on a **particular** occasion. 2. He is a **particular** friend of mine. 3. He is very **particular** in his behavior. 4. A sick person must be very **particular** in his diet. 6. He drank a glass of his own **particular**.

partic'ular av'erage (פאר-טיק'-יו-לאר עוו'-ע-רעדזש) די פערזיכערונגס־סומע, וואס א פערזיכערונגס־קאמפאניע דארף בעצאהלען פאר טיילווייזער בעשעדיגונג פון א שיף אדער שיפס־פראכט.

partic'ular cus'tom (פאר-טיק'-יו-לאר קאס'-טאם) א לאקאלער מנהג; א מנהג וואס עקזיסטירט בלויז אין א געוויסען פלאץ אדער ביי א געוויסען קלאס מענשען.

particularisa'tion *n.* (פאר-טיק-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) ז. *particularization*

partic'ularise *v.* (פאר-טיק'-יו-לאר-איז) ז. *particularize*

partic'ularism *n.* (פאר-טיק'-יו-לאר-איזם) פינקטליכקייט; אויספיהרליכקייט; גענויאיגקייט; דאס אבהיטען ספעציעלע אינטערעסען [פערזענליכע, פון א פארטיי, שטאאט א. ז. וו.]; פארטיקולאריזם [אינערליכע אויטאנאמיע פון די איינצעלנע שטאאטען אין א בונדעס־שטאאט אדער שטאאטס־פעדעראציאן]; אבגעזונדערטקייט; אתה־בחרתנו'איזם; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז גאט'ס גנאד איז בעשטימט בלויז פאר א טייל פון דער מענשהייט.

partic'ularist *n.* (פאר-טיק'-יו-לאר-איסט) אן אנהענגער פון פארטיקולאריזם [אינערליכע אויטאנאמיע פון אן איינצעלנעם שטאאט אין א שטאאטס־פעדעראציאן, הויפטזעכליך אין דייטשלאנד]; איינער וואס פערפאלגט ספעציעלע אינטערעסען [פערזענליכע, פון א פארטיי, שטאאט א. ז. וו.]; אן אנהענגער פון דעם אתה־בחרתנו'איזם [ביי אידען]; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — אן אנהענגער פון דער לעהרע, אז גאט'ס גנאד איז בעשטימט ניט פאר אלע מענשען.

particularis'tic *a.* (פאר-טיק-יו-לא-ריס'-טיק) בעזונדער, ספעציעל, פערפאלגענדיג ספעציעלע אינטערעסען; אתה־בחרתנו'איסטיש; פארטיקולאריסטיש. ז. *particularism*

particular'ity *n.* (פאר־טיק־יו־לער־אי־טי) אויספיהרליכקייט, פינקטליכקייט, גענויאיגקייט; דאס זיין ספעציעל אדער ספעציפיש; אן איינצעלהייט; עטוואס כא־ראקטעריסטישעס; זאנדערבארקייט.

particulariza'tion *n.* (פאר־טיק־יו־לאר־אי־זיי'־שאן) אן אויספיהרליכע אדער פינקטליכע דארשטעלונג אדער ערצעהלונג; ספעציעלע אנדייטונג.

partic'ularize *v.* (פאר־טיק'־יו־לאר־איז) אויספיהרליך דערצעהלען אדער אי־בערגעבען; געבען אלע איינצעלהייטען; ספעציעל אנדייטען.

partic'ularly *adv.* (פאר־טיק'־יו־לאר־לי) בעזאנדערס; איבערהויפט, הויפטזעכ־ליך.

I am **particularly** anxious to meet him to night.

partic'ularness *n.* (פאר־טיק'־יו־לאר־נעס) אויספיהרליכקייט, פינקטליכקייט, גע־נויאיגקייט; דאס מקפיד זיין; דאס זיין ספעציעל אדער ספעציפיש.

partic'ulate *a.* (פאר־טיק'־יו־לייט) זעהר קליין; אין דער פארם פון קליינע טיילכעלעך; וואס איז שייך צו אדער ווערט געשאפען פון קליינע טיילכעלעך.

par'tim *adv.* (פאר'־טים) טיילוויזע.

par'ting *n. and a.* (פאר'־טינג) אבזונ־דערונג, פאנאנדערטיילונג; שיידונג, אב־שיעד; א שיידונגס־פונקט; א שייד־וועג; א שרונט; עטוואס וואס טיילט פאנאנדער; פורעם־זאמד, שטריי־זאמד [ביי די ברע־געס פון די פורעם־טיילען אין מעטאל־שמעלצונג]; פאנאנדערטיילונג פון א צו־זאמענשמעלצונג אדער לעגירונג פון מע־טאלען [הויפטזעכליך פון גאלד און זיל־בער]; אין פאפיער־פאבריקאציאן — פא־נאנדערטיילונג פון די פייכטע פאפיער־שיכטען; בלעטערונג, פאנאנדערטיילונג אין שיכטען [ביי מינעראלען]; א דינע ערד־שיכט, וואס טיילט פאנאנדער צוויי גרעסערע שיכטען; פאנאנדערטיילענד, אב־זונדערענד; וואס קומט פאר ביי אן אב־שיעד.

par'ting breath (פאר'־טינג ברעטה) דער לעצטער אטעמצוג.

par'ting-cup *n.* (פאר'־טינג־קאפ) דער אבשיעדס־בעכער [אזא בעכער מיט צוויי הענטלעך]; דער אבשיעדס־טרונק [אזא זיסער געטראנק געמישט מיט סאדא־וואס־סער].

par'ting-glass *n.* (פאר'־טינג־גלעס) א כלי צו פרובירען א לעגירונג [צוזא־מענשמעלצונג] פון גאלד און זילבער.

par'ting-sand *n.* (פאר'־טינג־סענד) פורעם־זאמד, שטריי־זאמד [זאמד גע־ברויכט אויסצושטרייען אין א פורעם צווי־שען די פורעם־טיילען].

par'tisan *n. and a.* (פאר'־טי־זען) ז. *partizan*.

par'tisanship *n.* (פאר'־טי־זען־שיפ) ז. *partizanship*.

par'tite *a.* (פאר'־טאיט) צוטיילט אין טיילען; פאנאנדערגעשפאלטען [וועגען פלאנצען־טיילען].

parti'tion *n. and v.* (פאר־טיש'־אן) אב־טיילונג, פאנאנדערטיילונג, פאנאנדערשיידונג; צאמונג; א שייד־וואנד, א שייד־ווענטעל; א צווישען־שיידונג; אין מוזיק — א פאר־טיטורא [די נאטען פון די פערשיעדענע אינסטרומענטען פון אן ארקעסטער אדער פון די פערשיעדענע שטימען אין א כאר אנגעשריבען צוזאמען]; אין מאטעמא־טיק — פאנאנדערטיילונג פון א גאנצער צאהל אין גאנצע צאהלען [ווי למשל די צאהל 4 קען פאנאנדערגעטיילט ווערען אין 1+1+1+1 אדער 2+1+1 אדער 3+1 א. ז. וו.]; פאנאנדערטיילען מיט צווי־שען־שיידע אדער שייד־ווענד.

parti'tional *a.* (פאר־טיש'־אנ־על) אב־געטיילט דורך אן אבצאמונג אדער שייד־ווענד.

parti'tioned *a.* (פאר־טיש'־אנד) פאנאנ־דערגעטיילט דורך שייד־ווענטלעך [וועגען פלאנצען־טיילען].

par'titive *a. and n.* (פאר'־טי־טיוו) אין גראמאטיק — פארטיטיוו, וואס בעצ־ייכענט א טייל [ווי עטוואס, איינינע א. ז. וו.]; דאס דיסטריביטיוואום [א ווארט וואס בעצייכענט א פאנאנדערטיילונג].

par'titively *adv.* (פאר'־טי־טיוו־לי) פארטיטיוו; ווי א דיסטריביטיוואום.

partitive .ז

par'tizan *n. and a.* (פאר'־טי־זען) א פארטיזאן, אן אנהענגער [הויפטזעכליך א פאנאטישער] פון א פארטיי; א גוערי־לא־סאלדאט [פון אן אונרעגולערער מילי־טער־אבטיילונג]; דער עלטסטער פון אזא מיליטער־אבטיילונג; א האלעבארדע [אזא פארצייטיגע וואפע. ז. *halberd*]; א סאלדאט בעוואפענט מיט א האלעבארדע; פארטיזאניש; וואס איז שייך צו גוערי־לאס אדער גוערילא־קריעג.

par'tizanship *n.* (פאר'־טי־זען־שיפ) דאס זיין א פארטיזאן, דאס פיהרען א גו־ערילא־קריעג. ז. *partizan*

part'ly *adv.* (פארט'־לי) טיילוויזע.

part'-mu'sic *n.* (פארט'־מיו'־זיק) מו־זיק פאר מעהרערער שטימען.

part'ner *n. and v.* (פארט'־נער) א שותף, א טיילנעהמער; זיין א שותף.

part'nership *n.* (פארט'־נער־שיפ) שותפות; א קאנטראקט צווישען שותפים.

part of speech (פארט אוו ספיטש) אין גראמאטיק — א רעדע־טייל [איינער פון די אכט קלאסען, אויף וועלכע די ווער־טער פון א שפראך ווערען איינגעטיילט. די רעדע־טיילען זיינען: הויפט־ווארט, אדיעקטיוו אדער אייגענשאפטס־ווארט, צייט־ווארט, אדווערבום אדער אומשטאנדס־ווארט, פירווארט אדער פראנאמען, פרע־פאזיציאן, קאניונקציאן און אויסרופס־ווארט].

partook' (פאר־טוק') אנטייל גענומען; געהאט געמיינשאפטליכעס. ז. *partake*

part'-ow'ner *n.* (פארט'־או'־נער) א מיטבעזיצער.

She is a **part-owner** of the business.

par'tridge *n.* (פאר'־טרידזש) א פעלד־הוהן, א קוראפאטקע.

Partridge

par'tridge-ber'ry *n.* (פאר'־טרידזש־בער'־אי) די טהעע־בעערעו פלאנצע [אזא פלאנצע אין די אטלאנטישע וועלדער פון נארד־אמעריקא, מיט בעשטענדיג גרינע און רונד־לענגליכע בלעטער, אויף וועלכער עס וואקסען שעהנע עסבארע רויטע יאגדעס]; די ווינטער־גרין פלאנצע.

par'tridge-wood *n.* (פאר'־טרידזש־הוואוד) קוראפאטקע־האלץ [אזא זארט הארט רויטליך האלץ מיט טונקעלע שטריי־פען, וואס וואקסט אין וועסט־אינדיען און זיד־אמעריקא].

part'-sing'ing *n.* (פארט'־סינג'־אינג) א מעהר־שטימיגער געזאנג, הארמאניע־גע־זאנג, כאר־געזאנג.

part'-song *n.* (פארט'־סאהנג) א ליעד וואס ווערט געזונגען פון מעהרערע פער־שיעדענע שטימען.

partu'riency *n.* (פאר־טיו'־רי־ען־סי) ז. *parturition*

partu'rient *a.* (פאר־טיו'־רי־ענט) גע־בעהרענד; געהענדיג צו קינד.

parturifa'cient *n.* (פאר־טיו־רי־פיי'־שיענט) א מעדיצינישער מיטעל וואס ווירקט אויף דער געבעהר־מוטער [צו העל־פען אדער פערלייכטערען די געבורט].

parturi'tion *n.* (פאר־טיו־ריש'־אן) דאס געבעהרען, דאס געהן צו קינד.

partu'ritive *a.* (פאר־טיו'־רי־טיוו) גע־בעהרענד, געהענדיג צו קינד.

part with (פארט הוויטה) זיך שיידען מיט...; אויפגעבען.

I hate to **part with** this book.

par'ty *n. and a.* (פאר'־טי) א פארטיי; א צד; אן אבטיילונג; א פערזאן; א גע־זעלשאפט; א קאמפאניע אדער געזעלשאפט פערזאמעלט צו א סעודה אדער שמחה.

par'ty-coa'ted *a.* (פאר'־טי־קאו'־טעד) בונט געקליידעט, אנגעטהאן אין קליידער פון פערשיעדענע קאלירען.

par'ty-col'or *n.* (פאר'־טי־קאל'־אר) בונט־פארביגקייט, פערשיעדענפארביגקייט.

par'ty-col'ored *a.* (פאר'־טי־קאל'־ארד) בונט־פארביג, פיעלפארביג, פער־שיעדענפארביג.

par'ty-gold *a.* (פאר'־טי־גאולד) טייל־וויז פון גאלד.

par'tyism *n.* (פאר'־טי־איזם) די טיי־לונג אין פארטייען; פארטייאיגקייט, אי־בערגעבענהייט צו א פארטיי.

par'ty-ju'ry *n.* (פאר'־טי־דזשו'־רי) געשווארענע אין א געריכט וואס א העלפט זיינען איינגעבארענע און א העלפט זיינען אויסלענדער.

par'ty-list *n.* (פאר'־טי־ליסט) די ליסטע פון קאנדידאטען פאר עפענטליכע עמטער וואס א פארטיי שטעלט ארויס ביי די וואה־לען.

par'ty-man *n.* (פאר'־טי־מען) א פאר־טיי־מאן.

par'ty spir'it (פאר'־טי ספיר'־איט) דער פארטיי־גייסט.

par'ty-spir'ited *a.* (פאר'־טי־ספיר'־איט־עד) פול מיט פארטיי־גייסט.

par'ty-wall *n.* (פאר'־טי־הוואהל) א צווישען־וואנד, א שייד־וואנד [צווישען געביידעס, וואס בעלאנגען צו פערשיעדע־נע אייגענטהימער].

The two adjoining houses have the same party-wall.

paru'ria *n.* (פע־רוה'־רי־א) אוננארמא־לע אורין־לאזונג [משתין זיין].

paru'sia *n.* (פע־רוה'־סי־א) אין רעטא־ריק — דער געברויך פון דער געגענווארטס־פארם פון צייט־ווערטער אנשטאט דער פערגאנגענער אדער צוקונפטס־פארם.

parvanim'ity *n.* (פּאַר-ווע-נימ'-אי-טי) קליינמוטיגקייט, גייסטיגע גראָבקייט.

par'venu *n. and a.* (פּאַר'-ווע-ניו) א פּאַרוועניו; אַן אויפגעקומענער מענש; ווי א פּאַרוועניו.

par'vis *n.* (פּאַר'-וויס) א פּאַרהויף פון א קירך; א שוהל=צימער איבער דעם פּאַרהויז פון א קירך.

par'vise *n.* (פּאַר'-וויס) ז. *parvis*.

pas *n.* (פּאַ) א פּאַ [א שריט אין טאַנצען]; א טאַנץ.

pasch *n.* (פּעסק) פּסח; פּאַסכאַ, אָסטערן.

pas'chal *a.* (פּעס'-קעל) פּסח'דיג; וואָס איז שייך צו פּסח אָדער אָסטערן.

pasch'-egg *n.* (פּעסק'-עג) אַן אָסטערן=איי [א געפאַרבט איי אָדער א נאָכגעמאַכט איי ווי עס ווערט געגעבען צו קינדער אום קריסטליכען פּסח].

pasch'-flow'er *n.* (פּעסק'-פלאַו'-ער) ז. *pasque-flower*.

pasha' *n.* (פּאַ-שאַ') א פּאַשאַ [א טערקישער טיטול פאר העכערע מיליטער און ציוויל=בעאַמטע].

pasha'lic *n.* (פּאַ-שאַ'-ליק) דער בעצירק וואָס עס ווערט בעהערשט פון א פּאַשאַ.

pash'aw *n.* (פּעש'-אָה) ז. *pasha*.

pasig'raphy *n.* (פּע-סיג'-רע-פי) אַן אַלגעמיינע שריפט, א שריפט וועלכע קען פערשטאַנען און בענוצט ווערען פון אַלע נאַציאָנען.

pasque *n.* (פּעסק) ז. *pasch*.

pasque'-flow'er *n.* (פּעסק'-פלאַו'-ער) די אָסטער=בלום [אַזאַ בלומען=פלאַנצע מיט געצאַקטע בלעטער און מיט גרויסע ווייסע אָדער וויאָלעט=בלויליכע בליהונג. זי בליהט אין אָנפאַנג פריהלינג איידער איהרע בלעטער זיינען נאָך ענטוויקעלט].

Pasque-flower

pas'quil *n., v. and a.* (פּעס'-קהוויל) א פּאַסקוויל; שרייבען א פּאַסקוויל; וואָס איז שייך צו א פּאַסקוויל.

pas'quilant *n.* (פּעס'-קהוויל-ענט) א פּאַסקווילען=שרייבער.

pas'quiler *n.* (פּעס'-קהוויל-ער) א פּאַסקווילען=שרייבער.

pas'quillant *n.* (פּעס'-קהוויל-ענט) ז. *pasquilant*.

pas'quiller *n.* (פּעס'-קהוויל-ער) ז. *pasquiler*.

pas'quin *n. and v.* (פּעס'-קהווין) א פּאַסקוויל; א סאַטירע; שרייבען פּאַסקווילען.

pasquinade' *n. and v.* (פּעס-קהווי-נייד') א סאַטירע, א פּאַסקוויל; שרייבען א סאַטירע, שרייבען א פּאַסקוויל.

pasquina'der *n.* (פּעס-קהווי-ניי'-דער) א סאַטיריקער; א פּאַסקווילען=שרייבער.

pass *v. and n.* (פּעס) זיך בעוועגען, געהן, קומען, רייזען, פאָהרען; פּאַסירען; פּאַרקומען; פאַרבייגעהן, פאַרבייפאָהרען; דורכגעהן, דורכפאָהרען; איבערגעהן; פאַריבערגעהן, ניט ווערען, פערשווינדען; שטאַרבען; אָנגענומען ווערען, דורכגעהן [וועגען א געזעץ, רעזאָלוציאָן א. ד. ג.]; בעשטעהן, אויסהאַלטען [אַן עקזאַמען]; אויסדריקען א מיינונג; שטויסען [ביים פעכטען]; פערברייגען [די צייט]; לאָזען פאַרבייגעהן; אויסלאָזען א צאָהלונג, ניט צאָהלען; אָבענדיגען, מאַכען א סוף; איבערשטייגען, אַריבעריאָגען; אָננעהמען, דורכלאָזען [א געזעץ, א רעזאָלוציאָן א. ד. ג.]; אַריבערטראָגען פון איינעם צום אַנדערען אָדער פון איין פּלאַץ צום צווייטען; איבערגעבען; ברייגען אין צירקולאַציאָן [וועגען געלד]; אויסלעדיגען די געדערים; דורכלאָזען, לאָזען דורכפליסען אָדער דורכגעהן; א דורכגאַנג; א צושטאַנד, א לאַגע, א קריטישער צושטאַנד; א דורכגאַנגס=ערלויבניס, א פּאַס, א פּאַספּאַרט; א שטויס [אין פעכטען]; דאָס אויסהאַלטען אָדער בעשטעהן אַן עקזאַמען; די בעהאַנדלונג פון עטוואָס מיט דער האַנד; דאָס מאַניפּולירען, דאָס אַריבערפיהרען די האַנד איבער עטוואָס; "האַנד=מלאכה" [קונצען אָדער שווינדעל מיט די הענד].

pass'able *a.* (פּעס'-עבל) דורכגאַנגבאַר, וואָס מען קען דורכגעהן; גאַנגבאַר; ערטרעגליך, וואָס איז צו דערליידען.

pass'ableness *n.* (פּעס'-עבל-נעס) דורכגאַנגבאַרקייט; גאַנגבאַרקייט; ערטרעגליכקייט.

pass'ably *adv.* (פּעס'-ע-בלי) ערטרעגליך, נישט=קשה'דיג, צו דערליידען.

pass a com'pliment (פּעס ע קאָמ'-פּלי-מענט) מאַכען אימעצען א קאָמפּלימענט.

passade' *n.* (פּע-סייד') — א אין רייטען א פּאַסאַדע [א קעהר אָדער שריט ריקווערטס אָדער פאָרווערטס אויף דעמזעלבען אָרט]; א שטויס [אין פעכטען].

pas'sage *n. and v.* (פּעס'-עדזש) א דורכגאַנג; א פּאַסאַזש; אַן אַריבערפאָהר; א דורכצוג; א רייזע; א וואַסער=וועג; אַריבערפאָהר=געלד; א וועג, א צוגאַנג; א קאָרידאָר; א פרייער איינטריט אָדער אויסטריט; די פרייהייט דורכצוגעהן אָדער דורכצופאָהרען; א פּאַסירונג, א געשעהעניש; א פּאַראַגראַף, א שטעלע אָדער טייל פון א בוך אָדער רעדע; די אָננאָהמע, דורכגאַנג אָדער סאַנקציאָנירונג פון א געזעץ, רעזאָלוציאָן א. ד. ג.; וואַנדערונג; אַן אויסלעדיגונג פון די געדערים; א פּערזענליכער צוזאַמענשטויס; אַריבערגעהן, אַריבערגעהן אויף יענער זייט.

pas'sage at arms (פּעס'-עדזש עט אָרמז) א צוזאַמענשטויס.

pas'sage-mon'ey *n.* (פּעס'-עדזש-מאַנ'-אי) אַריבערפאָהר=געלד.

pas'sageway *n.* (פּעס'-עדזש-הוויי) א דורכגאַנג, א וועג, א גאַס; א קאָרידאָר.

pas'saging *n.* (פּעס'-עדזש-אינג) א צוזאַמענשטויס.

pass a jest (פּעס ע דזשעסט) מאַכען א שפּאַס, זיך לוסטיג מאַכען [איבער אימעצען].

passamez'zo *n.* (פּעס-סע-מעד'-זאָ) אַזאַ אַלטער איטאַליענישער טאַנץ; די מוזיק פון דיעזען טאַנץ.

pass a trick (פּעס ע טריק) אָבטהאָן [אימעצען] א שפּיצעל.

pass away' (פּעס ע-הוויי') פאַריבערגעהן, פערשווינדען, ניט ווערען; פערשווענדען.

pass'-book *n.* (פּעס'-בוק) אַן אָברעכנונגס=בוך [א בוך אין וועלכען א קויפמאַן פערשרייבט די סחורה וואָס ער האָט פערקויפט צו קונדען אויף קרעדיט]; א באַנק=בוך.

pass by (פּעס באַי) פאַרבייגעהן [ניט אָבשטעלענדיג זיך]; ניט נעהמען אין אַכט; ענטשולדיגען, פערצייהען; פערנאַכלעסיגען, ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

pass'-check *n.* (פּעס'-טשעק) אַן איינטריטס=קאַרטע אויף אַן אונטערנעהמונג, א קאָנטערמאַרקע.

pass cur'rent (פּעס קאַר'-ענט) ווערען אָנגענומען לויט דעם פולען ווערטה; זיין גאַנגבאַר, האָבען אָנערקענונג.

passé' *a.* (פּע-סיי') אָבגעבלאַקירט, פערוועלקט, אָבגענוצט [געברויכט אין פערבינדונג מיט הויפטווערטער פון מענליכען געשלעכט].

passed *a.* (פּעסט) וואָס האָט אויסגעהאַלטען אַן עקזאַמען; אַמאָליג.

passed mas'ter (פּעסט מעס'-טער) א מענש מיט א גרויסער ערפאַהרונג; א געוועזענער הויפּט פון אַן אָרדען אָדער פעראיין [ווי למשל, ביי די פריי=מויערער].

passée' *a.* (פּע-סיי') אָבגעבלאַקירט, פערוועלקט, אָבגענוצט, אָבגעלעבט [געברויכט אין פערבינדונג מיט הויפטווערטער פון ווייבליכען געשלעכט].

passe'ment *n. and v.* (פּעס'-מענט) פּאַזומענטען, שפּיצען, קרוזשעווע, איינזאַץ; בעפּוצען מיט פּאַזומענטען, שפּיצען, קרוזשעווע אָדער איינזאַץ; בעפּוצען, בעציערען.

passementerie' *n.* (פּעס-מענ-טע-ריע') פּאַזומענטען=אַרבייט, בעפּוצונג, בעציערונג [מיט שפּיצען אָדער בעזאַץ].

pas'senger *n.* (פּעס'-ענ-דזשער) א רייזענדער, א דורכרייזענדער; א פּאַסאַזשיר.

pas'senger-car *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-קאַר) א פּאַסאַזשיר=וואַגאָן [אַן איינפאַכער וואַגאָן, אין געגענזאַץ צו א שלאָף=וואַגאָן אָדער לוקסוס=וואַגאָן].

pas'senger-el'evator *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-על'-אי-וויי-טאַר) א פּערזאָנען=פאָהרשטוהל [אַן אויפצוג=מאַשין פאַר פערזאָנען, אין געגענזאַץ צו א פראַכט=אויפצוג=מאַשין].

pas'senger-en'gine *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-ענ'-דזשין) א לאָקאָמאָטיוו פון א פּאַסאַזשיר=צוג [א שנעלער לאָקאָמאָטיוו].

pas'senger-locomo'tive *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-לאָו-קאָ-מאָו'-טיוו) ז. *passenger-engine*.

pas'senger-mile *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-מאַיל) א פּאַסאַזשיר=מייל [אַן איינהייט וואָס ווערט בענוצט אין אייזענבאַהן=רעכנונגען וועלכע שטעלט פאַר די אַריבערפאָהרונג פון איין פּאַסאַזשיר אויף א שטרעקע פון איין מייל].

pas'senger-pig'eon *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-פּידזש'-אָן) די וואַנדער=טויב [די געוועהנליכע ווילדע אַמעריקאַנער טויב].



Passenger-pigeon

pas'senger-ship *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-שיפּ) א פּאַסאַזשיר=שיף.

pas'senger-train *n.* (פּעס'-ענ-דזשער-טריין) א פּאַסאַזשיר=צוג.

passe-partout' *n.* (פּעס-פּאַר-טוה')

א פאספארטו [א קארטאן=פאפיער אין דער פארם פון א ראהם וואס ווערט געברויכט פאר בילדער=איינפאסונגען]; א קונסט=שליסעל מיט וועלכען מען קען עפענען אלע שלעסער; עטוואס מיט וואס מען קען איבעראל דורכגעהן; א גראווירטע פלאטע וואס דיענט אלס א פערציערונגס=ראנד פאר א בילד.

passepartout' *v.* (פעס-פאר-טוה') איינפאסען א בילד אין א פאספארטו. ז. *passe-partout*.

pass'er *n.* (פעס'-ער) א פארבייגעהער; איינער וואס האלט אוים אן עקזאמען.

pass'er-by' *n.* (פעס'-ער-באי') א פארבייגעהער.

Pas'seres *n.* (פעס'-ע-ריז) דער מין פויגלען וואס נעהמט אין זיך אריין אלע זינג=פויגלען.

pas'serine *a. and n.* (פעס'-ע-רין) וואס איז ענליך אדער איז שייך צו א שפערלינג; א שפערלינג=ענליכער פויגעל.

pass examina'tion (פעס עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) אן עקזאמען פאר א שטודיום, וואס ענטהאלט א ספעציאל=פאך וועלכער איז נויטיג אנצונעהמען א רעגיערונגס=שטעלע א. ד. ג.; אויסהאלטען אן עקזאמען.

pass for (פעס פאר) ווערען פעררעכענט פאר...

passibil'ity *n.* (פעס-אי-ביל'-אי-טי) ליידענספעהיגקייט, פיהלונגס=פעהיגקייט, עמפפינדליכקייט.

pas'sible *a.* (פעס'-איבל) ליידענספעהיג, פיהלונגס=פעהיג, עמפפינדליך.

pas'sibleness *n.* (פעס'-איבל-נעס) ז. *passibility*.

pas'sim *adv.* (פעס'-אים) אין פערשיעדענע ערטער, איבעראל, דא און דארט.

passim'eter *n.* (פע-סימ'-ע-טער) א קעשענע=אדאמעטער. ז. *odometer*.

pass in (פעס אין) אריינלאזען, לאזען אריינקומען; איבערגעבען, דערלאנגען.

pass'ing *a., adv. and n.* (פעס'-אינג) פאריבערגע־ פארבייגעהענד, דורכגעהענד, פארבייגעהענד; פערגענגליך; פליכטיג, פארבייפליהענד; פאסירענד; געגענווערטיג; געשעהענד; אויסגעצייכענט, פארטרעפליך, גרויסארטיג; דאס פארבייגעהן אדער דורכגעהן; דאס פערגעהן, דאס שטארבען; א דורכגאנג; א דורכרייזע; די אננאהמע אדער בעשטעטיגונג פון א געזעץ, רעזאלוציאן א. ד. ג.

pass'ing-bell *n.* (פעס'-אינג-בעל) די טויטען=גלאק [די גלאק אין א קירכע מיט וועלכער מען קלינגט ווען איינער שטארבט].

pass'ing events' (פעס'-אינג אי-ווענטס') טאג=געשעהענישען.
Not all passing events leave an impression on the life of a people.

pass'ing-note *n.* (פעס'-אינג-נאוט) אין מוזיק — א דורכגאנגס=נאטע, א צוגעגעבענער זייטיגער טאן.

pass'ing-place *n.* (פעס'-אינג-פליים) אויסווייך=פלאץ פאר אייזענבאהנען [אן ארט וואו צוויי באהן=צוגען, וועלכע געהען אויף איין פאר רעלסען, קענען פארבייגעהען איינער דעם אנדערען דורך דעם וואס עס איז צוגעבויט אין דעם פלאץ א צווייג=רעלסע].

pass'ing-tone *n.* (פעס'-אינג-טאון) ז. *passing-note*.

pass in one's checks (פעס אין הוואנז טשעקס) אבשליסען די חשבונות, מאכען דעם לעצטען חשבון; שטארבען.

pass in one's chips (פעס אין הוואנז טשיפּס) ז. *pass in one's checks*.

pas'sion *n.* (פעש'-אן) ליידענשאפט; העפטיגקייט, אויפרעגונג, צארן; ליידען; די ליידען פון קריסטוס.

pas'sional *a. and n.* (פעש'-אן-על) ליידענשאפטליך; א מאנוסקריפט פון עוואנגעליום, ביי וועלכען די קעניגע פון ענגלאנד, פון הענרי דעם ערשטען ביז עדווארד דעם זעקסטען, פלעגען שווערען ווען מען האט זיי געקרוינט; א פאסיאנס=בוך [ז. *passionary*].

pas'sionary *n.* (פעש'-אן-ע-רי) א פאסיאנס=בוך [א בוך אין וועלכען עס זיינען בעשריבען די ליידען פון די הייליגע קריסטליכע מארטירער].

pas'sionate *a.* (פעש'-אן-אייט) ליידענשאפטליך; היציג; העפטיג.

pas'sionately *adv.* (פעש'-אן-אייט-לי) מיט ליידענשאפט; אויף א ליידענשאפטליכען אדער העפטיגען אופן.
The child is passionately fond of music.

pas'sionateness *n.* (פעש'-אן-אייט-נעס) ליידענשאפטליכקייט; היציגקייט.

pas'sioned *a.* (פעש'-אנד) ליידענשאפטליך; אנגעגריפען פון ליידענשאפט.

pas'sion-flow'er *n.* (פעש'-אן-פלאו-ער) די ליידענס=בלום [אזא בלום וואס וואקסט אין די טראפישע געגענדען פון אמעריקא].

Passion-flower

pas'sioning *n.* (פעש'-אן-אינג) דאס זיין ליידענשאפטליך; דאס זיין העפטיג אדער היציג.

pas'sionless *a.* (פעש'-אן-לעס) ניט ליידענשאפטליך; ניט היציג, ניט אויפגערעגט.

pas'sion-mu'sic *n.* (פעש'-אן-מיו'-זיק) מוזיק פון א פארשטעלונג וואו עס ווערען געשילדערט די ליידען און דער טויט פון קריסטוס.

pas'sion-play *n.* (פעש'-אן-פליי) א פארשטעלונג, אין וועלכער עס ווערען געשילדערט די ליידען און דער טויט פון קריסטוס.

Pas'sion-tide *n.* (פעש'-אן-טאיד) ביי די קאטוילקען — די לעצטע צוויי וואכען פון דער פאסט=צייט. ז. *Lent*.

pas'sion-vine *n.* (פעש'-אן-וואין) ז. *passion-flower*.

pas'sive *a.* (פעס'-איוו) פאסיוו, ניט ווירקענד, אונטהעטיג; געדולדיג; אונטערווארפען; ניט ארויסווייזענדיג קיין ווידערשטאנד, ניט שטעלענדיג זיך אנטקעגען; אין גראמאטיק — וואס איז בעווירקט פון א טהעטיגקייט, וואס איז דער מקבל הפעולה [ז. *passive voice*]; אין כעמיע — וואס פערבינדעט זיך ניט מיט קיין אנדער עלעמענט.

pas'sive bonds (פעס'-איוו באנדז) אקציען אדער ווערטה=פאפיערען, וועלכע טראגען ניט קיין פראצענט אבער זיי בערעכטיגען דעם אייגענטימער צו פראפיטען.

pas'sive com'merce (פעס'-איוו קאמ'-אוירס) פאסיוו=האנדעל [דער האנדעל מיט אויסלאנד ביי וועלכען די סחורות פון איין לאנד ווערען געפיהרט מיט די שיפען און מיט דער מאנשאפט פון אן אנדער לאנד].

pas'sive debt (פעס'-איוו דעט) א חוב אויף וועלכען מען צאהלט ניט קיין פראצענט [א גמלת חסד].

pas'sively *adv.* (פעס'-איוו-לי) אויף א פאסיווען אופן; אהן טהעטיגקייט, ניט ווירקענדיג; אזוי ווי א פאסיוועס צייטווארט [פעל]. ז. *passive*.

pas'siveness *n.* (פעס'-איוו-נעס) פאסיוויטעט, פאסיווקייט, טהעטיגקייטסלאזיגקייט, אונווירקזאמקייט; געדולדיגקייט, אונטערווארפענקייט; ליידענספעהיגקייט.

pas'sive obe'dience (פעס'-איוו א-בי'-די-ענס) בלינדע געהארכזאמקייט.

pas'sive opera'tion (פעס'-איוו אפ-ע-ריי'-שאן) א מיליטער=אפעראציאן וואס ווערט אונטערנומען אבצושלאגען דעם פיינד'ס אטאקע.

pas'sive voice (פעס'-איוו וואיס) אין גראמאטיק — די פאסיווע אדער ליידענדע פארם, די פארם פון קבלת הפעולה [די פארם פון א צייטווארט וואס צייגט אן ניט די ווירקונג נאר דאס בעווירקט ווערען, ווי פון "ליעבען" — געליעבט ווערען, פון "לעזען" — געלעזען ווערען א. ד. ג.].

passiv'ity *n.* (פע-סיוו'-אי-טי) ז. *passiveness*.

pass'-key *n.* (פעס'-קיע) א שליסעל מיט וועלכען מען קען עפענען מעהרערע שלעסער.

pass'less *a.* (פעס'-לעס) אהן א דורכגאנג, וואס האט ניט קיין דורכגאנג.

pass'man *n.* (פעס'-מען) א סטודענט אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט, וועלכער האט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אהן וועלכע עס איז אויסצייכנונגען.

pass mus'ter (פעס מאס'-טער) דורכגעהן, דורכגעלאזען ווערען, זיין ביים וועג.
This translation will pass muster.

pass off (פעס אף) ארויס'פטר'ען.
He passed off his spoiled goods.

pass off as (פעס אף עז) ז. *pass off for*.

pass off for (פעס אף פאר) ארויסגעבען אדער ארויסשטעלען אלס...; זיך ארויסגעבען פאר... זיך ארויסשטעלען אלס...
He passed himself off for a bachelor.

pass on (פעס אן) ווייטער געהן, פארווערטס געהן; אריינשמוגלען דורך א שווינדעל.

pass one's word (פעס הוואנז הווארד) געבען א ווארט, פערשפרעכען.

pass o'ver (פעס או'-ווער) פאריבערגעהן, דורכלאזען ניט בעמערקטערהייד.

pass'over *n.* (פעס'-או-ווער) דער קרבן פסח.

Pass'over *n. and a.* (פעס'-או-ווער) דער אידישער פסח; פסח'דיג.

Pass'over bread (פעס'-או-ווער ברעד) מצות.

pass'-parole' *n.* (פעס'-פע-ראול') אין

מיליטער — א לויף=בעפעהל [א בעפעהל אין אן ארמעע, וואס ווערט איבערגעגעבען מינדליך פון איינעם צום צווייטען].

pass'port *n. and v.* (פעס'-פאורט) א פאס, א פאספארט; א פאסיר=צעטעל [אן ערלויבניס=צעטעל דורכצוגעהן א פיינדליכען לאגער אין דער צייט פון קריעג]; א שריפטליכע ערלויבניס אריינצופיהרען אויסלענדישע סחורה אהן גרענעץ=אבצאהלונג; עטוואס וואס העלפט דערגרייכען א ציעל; בעזארגען מיט א פאס אדער פאספארט.

pass round (פעס ראונד) 1. ארומדערלאנגען אלעמען וואס זיצען ביים טיש; 2. צירקולירען.

2. The story of his misfortune is **passing round** the city.

pass round the hat (פעס ראונד טהי העט) מאכען א געלד=זאמלונג פאר וועלכען עס איז צוועק, ווי דאס ווערט געטהאן אויף א פערזאמלונג דורך קלייבען געלד אין א הוט, וועלכע ווערט איבערגעגעבען פון איינעם צו אנדערען; זאמלען נדבות.

pass'-shoo'ting *n.* (פעס'-שוה'-טינג) דאס שיסען פויגלען אין דער צייט ווען זיי פליהען איבער דעם ארט, וואו דער יעגער ווארט פאר זיי.

pass the Ru'bicon (פעס טהי רו'-בי-קאן) אריבערגעהן דעם רוביקאן [דער טייך וואס איז אמאל געוועזען דער גרענעץ פון איטאליען און וועלכען יוליוס צעזאר האט בעשלאסען אריבערצוגעהן אין זיין קאמפף מיט דעם רוימישען סענאט], מאכען אן ענטשיידענעם שריט:

pass the time of day (פעס טהי טאים אוו דיי) בעגריסען לויט דער צייט פון טאג [ווי זאגען "גוט מארגען", "גוטען אווענד", "גוטע נאכט" א. ד. ג.]; בעגריסען.

pass'-tick'et *n.* (פעס'-טיק'-עט) אן איינטריטס=בילעט; א קאנטרעמארקע; א פרייער איינטריטס=בילעט.

pass upon' (פעס א-פאן') ז. *pass on*

pas'sus *n.* (פעס'-אס) א פאסוס, אן אבטיילונג אדער טייל פון א געשיכטע, פאעמע א. ד. ג.

pass'word *n.* (פעס'-הוואירד) א פאסיר=ווארט, א פאראלע [א געהיימעס ווארט אדער צייכען דורך וועלכען מען קען דערקענען אן אייגענעם מענשען פון א פרעמדען, אז מען זאל איהם אריינלאזען אדער דורכלאזען].

Every secret society has a **password**.

pass'wort *n.* (פעס'-הוואירט) אזא פלאנצע וועגען וועלכער מען האט געגלויבט, אז זי איז א מיטעל געגען לעהמונג אדער פאראליטש.

past *a., prep., adv. and n.* (פעסט) פערגאנגען; פארביי, פאריבער; וואס איז געוועזען; אמאליג; נאך; איבער; אויסער; דורך; די פערגאנגענע צייט.

paste *n., a. and v.* (פייסט) קליי, פאפ; טייג; גלאז=פאסטע אדער גלאז=פלוס [אזא זארט גלאז פון וועלכען מען מאכט נאך דימענטען]; א נאכגעמאכטער דימענט; א מינעראל=שטאף אין וועלכען אנדערע מינעראלען זיינען בעהאלטען; נאכגעמאכט, קינסטליך; צונויפקלעפען מיט קליי אדער פאפ.

paste'board *n. and a.* (פייסט'-באורד) טאקטור, טאוועל=פאפיער; שפיעל=קארטען; א וויזיטען=קארטע; א באהן=בילעט; א לאקשען=ברעט, א ברעט צום וואלגערען טייג; געמאכט פון טאקטור.

paste'-board *n.* (פייסט'-באורד) א לאקשען=ברעט, א ברעט צום וואלגערען טייג.

paste'-down *n.* (פייסט'-דאון) א בלאט וואס איז צוגעקלעפט צו דעם טאוועל פון א בוך פון אינוועניג.

pas'tel *n.* (פעס'-טעל) די וואיד=פלאנצע [אזא פלאנצע פון וועלכער מען בעקומט א בלויע פארב]; דאס וואיד=בלוי [די בלויע פארב וואס ווערט ערהאלטען פון דער וואיד=פלאנצע]; א פאסטעל=שטיפט [א קאלירטער קרייד=שטיפט צום צייכנען]; א צייכנונג געמאכט מיט א פאסטעל=שטיפט; פאסטעל=צייכנונג, קרייד=צייכנונג; א לייכטער ליטערארישער ענטוואורף אדער א פליכטיגע סקיצע וועגען אן אונוויכטיגען עניין.

pas'telist *n.* (פעס'-טעל-איסט) א פאסטעל=צייכנער, א קרייד=צייכנער. ז. *pastel*

pas'tel-pa'per *n.* (פעס'-טעל-פיי'-פער) פאסטעל=צייכען=פאפיער [אזא שארטיג פאפיער וואס ווערט בענוצט פאר קרייד=צייכנונגען].

paste'-ma'ker *n.* (פייסט'-מיי'-קער) א מאשין צו מאכען קליי אדער פאפ.

paste'-pot *n.* (פייסט'-פאט) א קליי=טאפ [א כלי צו האלטען פאפ אדער קליי].

pas'ter *n.* (פיים'-טער) א קליי=שמיערער; א קלעפער; א פאפיער=שטרייף וואס איז אויף איין זייט בעשמיערט מיט קליי אדער גומי=אראביק ארויפצוקלעפען אויף עטוואס; א פאפיער=שטרייף מיט דעם נאמען פון א קאנדידאט, פאר וועלכען דער וועהלער וויל שטימען און וועלכער ווערט ארויפגעקלעפט אויף דעם נאמען פון קאנדידאט אויף דער וואהל=ליסט פאר וועלכען דער וועהלער וויל ניט שטימען.

pas'tern *n.* (פעס'-טערן) דער טייל פון א פערד'ס פוס פון דעם אונטערשטען קנעכעל ביז צו דער קאפיטע.

pas'tern-joint *n.* (פעס'-טערן-דזשאינט) דער געלענק פון אונטערשטען קנעכעל פון א פערד'ס פוס.

paste'-roll'er *n.* (פייסט'-ראול'-ער) א וואלגער=האלץ, א קאטשעלקע.

Pasteuriza'tion *n.* (פעס-טויר-אי-זיי'-שאן) דאס פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען [דאס צושטערען די באצילען אין א פליסיגקייט, וועלכע בריינגען זי צום איהרען אדער זויערען, ווי ביי וויין, מילך א.ד.ג. דאס ווערט געוועהנליך ערר... רייכט דורך דערהיצען די פליסיגקייט ביז א געוויסען גראד].

Pasteur'ize *v.* (פעס-טויר'-איז) פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען [צושטערען אין א פליסיגקייט די באצילען, וועלכע בריינגען זי צום איהרען אדער זייערען, ווי ביי וויין, מילך א. ד. ג.].

Pasteur'izer *n.* (פעס-טויר'-אי-זער) א סטעריליזיר=אפאראט [אן אפאראט צום פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען פליסיגקייטען]. ז. *Pasteurization*

pastic'cio *n.* (פעס-טיטש'-יאו) א מיש=מאש, א צונויפמישעניש, א מישעניניע; אן אפערא אדער אן אנדער מוזיקאליש ווערק, וואס איז צונויפגעמישט פון פערשיעדענע מוזיק=שטיקער; א נאכגעמאכט בילד אדער געמעלדע; א נאכאהמונג פון א פרעמדען סטיל אין מאלען.

pastiche' *n.* (פעס-טיש') ז. *pasticcio*

pas'til *n. and v.* (פעס'-טיל) אן אויסרויכער=ליכטעל [אזא ליכטעל צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע שמעקעדיגע שטאפען וואס ווערט בענוצט אויסצורויכערען הייזער]: א צוקערקע, א קאנפעטעל; פאסטיל=פארב, וואסער=פארב; פאסטיל=מאלעריי: אין פייער=ווערק — א פאפיער=קעסטעל אנגעפילט מיט ברען=שטאף, וואס ווערט אנגעבונדען צו א זיך דרעהענדען געגענשטאנד; אויסרויכערען מיט אן אויסרויכער=ליכטעל.

pas'tille *n. and v.* (פעס'-טיל) ז. *pastil*

pas'til-pa'per *n.* (פעס'-טיל-פיי'-פער) אויסרויכער=פאפיער [פאפיער צוגעריכט מיט פערשיעדענע שמעקעדיגע שטאפען צום אויסרויכערען הייזער].

pas'time *n.* (פעס'-טאים) צייט=פערטרייב, פערגניגען.

pas'ting *n.* (פיים'-טינג) דאס קלעפען מיט קליי, דאס בעשמיערען מיט קליי; דאס מאכען קליי אדער פאפ.

past'-mas'ter *n.* (פעסט'-מעס'-טער) ז. *passed master*

pas'tor *n.* (פעס'-טאר) א פאסטאר, א גייסטליכער; דער רויזען=שטאר אדער אקער=דראסעל [אזא פויגעל וואס געפינט זיך מייסטענס אין די ערטער וואו סטאדעס בהמות פיטערען זיך].

pas'toral *a. and n.* (פעס'-טאר-על) הירטען=מעסיג, ווי א הירט אדער פאסטוך, וואס איז שייך צו א פאסטוך; וואס איז שייך צו א פאסטאר [גייסטליכער]; א הירטען=ליעד, אן אידיליע [א ליעד וואו עס ווערט בעשריבען דאס לעבען פון פאסטוכער אדער דאס דארפס=לעבען]; אן אפערא אדער אנדער מוזיקאליש ווערק וואס דער אינהאלט בעשטעהט פון אן אידיליע אדער פון רוהיגען, שטילען דארפס=לעבען; א פאסטאר=בריעף. ז. *pastoral letter*

pastora'le *n.* (פעס-טא-רא'-לע) אן אפערא אדער א מוזיקאלישעס ווערק וואס דער אינהאלט בעשטעהט פון אן אידיליע אדער פון דעם רוהיגען, שטילען דארפס=לעבען.

pas'toral flute (פעס'-טאר-על פלוהט) א פאסטוך=פייפעל.

pas'toralism *n.* (פעס'-טאר-על-איזם) דאס וואס טראגט דעם כאראקטער פון פאסטוכער=לעבען אדער פון דארפס=לעבען.

pas'toralize *v.* (פעס'-טאר-על-איז) בעזינגען אין א הירטען=ליעד אדער אין אן אידיליע; מאכען הירטען=מעסיג אדער אידיליען=מעסיג.

pas'toral let'ter (פעס'-טאר-על לעט'-ער) א פאסטאר=בריעף [א בריעף פון א בישאף, סינאד א. ז. וו. צו די גייסטליכע וואס שטעהען אונטער איהם אדער צום עולם].

pas'toral life (פעס'-טאר-על לאיף) דאס פאסטוכער=לעבען, דאס דארפס=לעבען.

pas'torally *adv.* (פעס'-טאר-על-אי) הירטען=מעסיג; אידיליש, דארפיש; אזוי ווי א פאסטאר, אויף דעם אופן פון א פאסטאר [גייסטליכער].

pas'toral staff (פעס'-טאר-על סטעף) דער בישאף=שטאק [אזא שטאק וואס ווערט געטראגען אין א רעליגיעזער צערעמאניע פון א בישאף].

pas'torate *n.* (פעס'-טאר-אייט) דאס פאסטאר=אמט, דאס אמט פון א גייסטליכען; דער טערמין וואס א פאסטאר איז אין אמט אין א געוויסען בעצירק; די גייסטליכע פון דער געמיינדע אלס קערפערשאפט.

pas'torist *n.* (פעס'-טאר-איסט) אן אידיליען=שרייבער, א הירטען=ליעדער דיכטער; אן אקטיאר וואס שטעלט פאר דאס דארפס=לעבען.

pas'torless *a.* (פעס'-טאר-לעס) אהן א פאסטאר, אהן א גייסטליכען.

pas'tor-like *a.* (פעס'-טאר-לאיק) ווי א פאסטאר, ווי א גייסטליכער.

pas'torly *a.* (פעס'-טאר-לי) ווי א פאסטאר, ווי א גייסטליכער; ווי עס פאסט פאר א פאסטאר.

pas'torship *n.* (פעס'-טאר-שיפ) דאס אמט אדער די ווירדע פון א פאסטאר.

pastourelle' *n.* (פעס-טוה-רעל') אזא בעוועגונג אין א קאדריל.

past par'ticiple (פעסט פאר'-טי-סיפל) דאס פארטיציפיום אין דער פערגאנגענער צייט. ז. *participle*.

past-per'fect *a. and n.* (פעסט-פויר'-פעקט) ז. *pluperfect*.

pas'try *n.* (פיים'-טרי) פאשטעטען געבעקס [ווי פיראגען, געפילטע קוכען א. ד. ג.].

pas'try-cook *n.* (פיים'-טרי-קוק) א פאשטעטען אדער פיראגען-בעקער; א רעסטאראטאר.

pas'try-man *n.* (פיים'-טרי-מען) ז. *pastry-cook*.

pasturabil'ity *n.* (פעס-טשור-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ארויסברייננגען פאשע [פיטערונג].

pas'turable *a.* (פעס'-טשור-עבל) וואס טויג פאר פאשע, גוט פאר פיטערנים.

pas'turage *n.* (פעס'-טשור-עדזש) פיטערונג; דאס פיטערען בהמות אויף'ן גראז; א פיטערונגס-ארט, לאנד צום פיטערען בהמות.

pas'ture *n. and v.* (פעס'-טשור) פאשע, פיטערונג, קארמע; פאשען, פיטערען; זיך פאשען, זיך פיטערען.

pas'ture-ground *n.* (פעס'-טשור-גראונד) ז. *pasture-land*.

pas'ture-land *n.* (פעס'-טשור-לענד) לאנד וואס דיענט פאר פאשע; א לאנקע.

pas'tureless *n.* (פעס'-טשור-לעס) וואס האט נים קיין פאשע [צום פיטערען בהמות].

pas'turer *n.* (פעס'-טשור-ער) א פיטערער פון בהמות; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט פאסטוכעריי.

pas'ty *a. and n.* (פיים'-טי) טייגיג; קלייאיג, קלעפיג; א פאשטעט, א קוכען.

pat *n., v., a. and adv.* (פעט) 1. א לייכטער קלאפ [מיט דער האנד אדער מיט'ן פינגער]; א געראויש פון לייכטע קלעפ איינער נאך'ן אנדערען; 2. אן אויפגעשלאגענע מאסע פון עפעס [ווי א שטיק פוטער, א שטיק טייג א. ד. ג.]; 3. לייכט קלאפען; לייכט-אויפשלאגען; 4. פאסיג, צוגעפאסט; טויגליך, בעקוועם; אויף א צוגעפאסטען אופן; ריכטיג אין פונקט.
4. The plan fell out pat.

pat'-a-cake' *n.* (פעט'-ע-קייק') ז. *patty-cake*.

patache' *n.* (פע-טעש') א וואכט-שיף [א קליין שיפעל, וואס ווערט געברויכט אריבערצופיהרען מענשען אדער בעפעהלע פון איין שיף אויף א צווייטער].

patagi'um *n.* (פעט-ע-דזשאי'-אם) די אויסגעצויגענע הויט, וואס דיענט ביי פליענדע חיות [ווי פלעדערמייז א. ד. ג.] אלס פליגלען צו פליהען.

patch *n., a. and v.* (פעטש) א לאטע, אן ארויפגעלעגט אדער איינגענעהט שטיקעל צייג; א שעהנהייטס-פלאסטערעל [א קליין שווארץ פלאסטערעל, וואס פרויען פלעגען אנקלעפען אויף'ן געזיכט אום זיך צוצוגעבען חן]; א קליין שטיקעלע צייג אדער לעדער, וואס ווערט אריינגעלעגט אין א ביקס-פאטראן, כדי אבצוטיילען דעם פולווער פון דער קויל; א קליין שטיקעל לאנד; א קלאון, א פאיאץ, א קאמעדיאנט; צוזאמענגעשטעלט פון לאטעס אדער קליינע שטיקלעך; פערלאטען; בעציערען דאס פנים מיט שעהנהייטס-פלאסטערלעך; אבפארטאטשעווען; מאכען אבי-ווי; אריינלעגען אין א ביקס-פאטראן א שטיקעל צייג אדער לעדער, כדי אבצוטיילען דעם פולווער פון דער קויל.

patch'able *a.* (פעטש'-עבל) וואס קען פערלאטעט ווערען.

patch'-box *n.* (פעטש'-באקס) א קעסטעלע צו האלטען שעהנהייטס-פלאסטערלעך. ז. *patch*.

patched *a.* (פעטשט) פערלאטעט; געקלייעדעט אין פערשיעדענע קאלירען [ווי א קלאון].

patch'er *n.* (פעטש'-ער) א לאטוטניק.

patch'ery *n.* (פעטש'-ער-אי) פארטאטשעריי; פארטאטשקע ארבייט; בעטריגעריי, שווינדעל; היפאקריטסטווע, צביעות.

patch'iness *n.* (פעטש'-אי-נעס) דאס זיין צונויפגעשטעלט ווי פון לאטעס; דאס אויסזעהן ווי צונויפגעלאטעט.

patch'ing *n.* (פעטש'-אינג) דאס לאטענען, דאס ארויפלעגען א לאטע; א פערלאטעטער ארט; א לאטע; א לעדערעל אין ביקס-פאטראן. ז. *patch*.

patch'ingly *adv.* (פעטש'-אינג-לי) אויף א בעטריגערישען אדער היפאקריטישען אופן.

patchou'li *n.* (פע-טשוה'-לי) די פאטשולי-פלאנצע [אזא פלאנצע אין אסט-אינדיען פון וועלכער עס ווערט געמאכט פארפיום]; פארפיום געמאכט פון דער פאטשולי-פלאנצע.

patchou'ly *n.* (פע-טשוה'-לי) ז. *patchouli*.

patch'-pock'et *n.* (פעטש'-פאק'-עט) אן ארויפגענעהטע קעשענע [ווי אן ארויפגעלעגטע לאטע].

patch'work *n.* (פעטש'-הוואירק) לאטוטעריי, פארטאטשקע ארבייט; א שטיק ארבייט וואס איז צונויפגעשטעלט פון שטיקלעך שטאף פון פערשיעדענע קאלירען [ווי מען מאכט עס פאר דעקעס, קאוויארען א. ד. ג.].

patch'y *a.* (פעטש'-אי) צוזאמענגעלאטעט, צונויפגעשטוקעוועט פון לאטעס; פול מיט לאטעס.

pate *n.* (פייט) דער קאפ; דער שפיץ קאפ; די פעל פון א קעלבערנעם קאפ; שכל, "קלעפקע", "קאפ".

pa'ted *a.* (פיי'-טעד) קעפיג.

patefac'tion *n.* (פעט-אי-פעק'-שאן) די אפענבארונג, די ענטפלעקונג.

patel'la *n.* (פי-טעל'-א) א קליין שיסעלע אדער טעלער; דאס קניע-שיסעלע [דער פלאכער אוואלער שיסעל-פערמיגער קניע-ביין]; אין זאאלאגיע — א טייל וואס איז עהנליך צו א שיסעלע; דער ערשטער גע-לענק פון פוס ביים קערפער פון אינזעקטען; די ראפף-שנעקע. ז. *rock-limpet*.

pat'ellar *a.* (פעט'-ע-לאר) וואס איז שייך צו דעם קניע-שיסעלע.

pat'en *n.* (פעט'-ען) א ברייטער פלאכער טעלער; א טאץ; א פלאכער טעלער אדער טאץ אויף וועלכען עס ליעגט דאס הייליגע ברויט אין קירך.

pa'tency *n.* (פיי'-טען-סי) דאס זיין אפען, דאס זיין אפען פאנאנדערגעשפרייט.

pat'ent *a., n. and v.* (פעט'-ענט) אפען; עפענטליך; אויסגעשפרייט; פאטענטירט; געשיצט דורך א פאטענט; א פריווילעגיע, א פאטענט-שיין, אן אפיציעלער דאקומענט וואס גאראנטירט וועלכע עס איז פריווילעגיע; א פאטענט, אן ערפינדונג; די גאראנטיע וואס עס ווערט געגעבען פון דער רעגיערונג צו אן ערפינדער, אז ער האט דאס אויסשליסליכע רעכט פאר א געוויסער צאהל יאהרען אויף זיין ערפינדונג און אז קיין אנדערער טאר אהן זיין ערלויבניס זיך מיט איהר ניט בענוצען אדער זי פאבריצירען; פאטענטירען, ארויסנעהמען א פאטענט, פערזיכערען דורך א פאטענט.

patentabil'ity *n.* (פעט-ען-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פאטענטירט ווערען [וועגען אן ערפינדונג].

pat'entable *a.* (פעט'-ען-טעבל) וואס קען פאטענטירט ווערען [וועגען אן ערפינדונג].

patentee' *n.* (פעט-ען-טיע') איינער וואס האט א פאטענט; איינער וועמען עס איז ארויסגעגעבען געווארען א פאטענט-שיין אדער א פריווילעגיע.

pat'ent leath'er (פעט'-ענט לעטה'-ער) לאקיער-לעדער, גלאנץ-לעדער.

pat'ent med'icine (פעט'-ענט מעד'-אי-סין) א פאטענטירטער הייל-מיטעל.

pat'ent of'fice (פעט'-ענט אפ'-איס) דאס פאטענט-אמט [דאס ביורא אדער דער דעפארטאמענט פון דער רעגיערונג, וואס גיט ארויס פאטענט-צייגניסע צו ערפינדער].

pat'entor *n.* (פעט'-ען-טאר) איינער וואס גיט ארויס א פאטענט; איינער וואס האט אדער קריעגט א פאטענט.

pat'ent-right *n.* (פעט'-ענט-ראיט) פאטענט-רעכט, דאס אויסשליסליכע רעכט וואס ווערט גאראנטירט פון דער רעגיערונג צו אן ערפינדער אויסצונוצען זיין ערפינדונג.

pat'ent-rolls *n.* (פעט'-ענט-ראולז) דאס פאטענט-רעגיסטער [א בוך וואו עס ווערען פערשריבען אלע ארויסגעגעבענע פאטענטען].

pa'ter *n.* (פיי'-טער) א פאטער, א פריסטער, א מאנאך.

pat'era *n.* (פעט'-ע-רא) אן אפפער-בעקען, אזא פלאכער בעקען וואס די פריסטער אין אלטען רוים פלעגען בענוצען פאר טראנק-אפפער [קרבן נסך]; אין ארכיטעקטור — א טעלער-פערמיגע פערציערונגס-בלום.

paterfamil'ias *n.* (פיי-טער-פע-מיל'-אי-עס) דער פאטער פון דער פאמיליע, דער הויפט, דער עלטעסטער פון הויז.

pat'eriform *a.* (פעט'-ע-רי-פארם) טעלער-פערמיג, וואס האט דעם אויסזעהן פון א פלאכען טעלער אדער טאס.

pater'nal *a.* (פיי-טויר'-נעל) פאטערליך; וואס קומט פון פאטער; פון פאטער'ס צד.
My paternal grandfather lived to a ripe old age.

pater'nalism *n.* (פיי-טויר'-נעל-איזם) פאטערנאליזם, א פאטערליכע רעגיערונגס-סיסטעם, א סיסטעם וואו די רעגיערונג מישט זיך זעהר פיעל אין די פריוואטע אנגעלעגענהייטען און געשעפטען פון די בירגער.

paternalis'tic *a.* (פיי-טויר-נע-ליס'-טיק) פאטערנאליסטיש, וואס איז שייך צו פאטערנאליזם. ז. *paternalism*.

pater'nally *adv.* (פיי-טויר'-נע-לי) פאטערליך, אויף א פאטערליכען שטייגער.

pater'nity *n.* (פיי-טויר'-ני-טי) 1. פאטערשאפט; פאטערליכקייט; 2. די אבשטא-

מונג פון פאטער'ס צד; 3. פערפאסערשאפט, אורשפרונג, אבשטאמונג.

3. The **paternity** of this book was warmly disputed.

pa'ternos'ter *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער) פאטער=אונזער [א בעוואוסטע קריסטליכע תפלה, וועלכע פאנגט זיך אן מיט די לאטיינישע ווערטער "פאטער נאסטער"]; פאטשערעס אדער רויזען=קראנץ [א שנור קארעלען וואס די קאטוילעקען בענוצען ביי זייערע תפלות. יעדער עלפטער קארעל פון דיעזער שנור איז גרעסער פון די איבריגע און די קאטויליקען צעהלען זיי ווען זיי זאגען די תפלה "פאטערנאסטער"]; דער עלפטער גרויסער קארעל פון די פאטשערעס; א פערציערונג, וועלכע איז עהנליך צו פאטשערעס.

pa'ternos'ter-pump *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער-פאמפ) א קייטען=פומפ. ז. *chain-pump*

pa'ternos'ter-wheel *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער-הוויעל) א קייטען=פומפ. ז. *chain-pump*

path *n. and v.* (פעטה) א וועג; א שטעג; אויסטרעטען א וועג; אויסלעגען אדער אויספלאסטערן א וועג; געהן.

pathet'ic *a. and n.* (פע-טהעט'-איק) פאטעטיש, ריהרענד; וואס איז שייך צו דער אויגען=ראלע אדער צו דעם פאטעטישען נערוו; דער פאטעטישער אדער ראל=מוסקול=נערוו [איינער פון די נערוועז אין ארביט פון אויג].

pathet'ical *a.* (פע-טהעט'-אי-קעל) פאטעטיש, ריהרענד.

pathet'ically *adv.* (פע-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א פאטעטישען אופן; ריהרענד.

pathet'icalness *n.* (פע-טהעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ריהרענד, דאס זיין פאטעטיש.

pathet'icus *n.* (פע-טהעט'-אי-קאס) א פאטעטישער נערוו, א ראל=מוסקול נערוו [איינער פון די נערוועז, וועלכע געפינען זיך אין דעם ארביט פון אויג].

path'etism *n.* (פעטה'-ע-טיזם) טהיערישער מאגנעטיזם; מעזמעריזם. ז. *mesmerism*

path'etist *n.* (פעטה'-ע-טיסט) איינער וואס פראקטיצירט מעזמעריזם. ז. *mesmerism*

path'finder *n.* (פעטה'-פאינ-דער) א וועג=פינדער; א פארשער; א פיאנער.

path'ic *a. and n.* (פעטה'-איק) וואס איז שייך צו א קראנקהייט; א מאן וואס ווערט בענוצט פאר משכב זכור אדער פעדעראסטיע.

path'less *a.* (פעטה'-לעס) אהן א וועג, אהן אן אויסגעטראטענעם וועג.

pathogen'esis *n.* (פעטה-א-דזשענ'-ע-סיס) דער אופן ווי א קראנקהייט ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך.

pathogenet'ic *a.* (פעטה-א-דזשי-נעט'-איק) ז. *pathogenic*

pathogen'ic *a.* (פעטה-א-דזשענ'-איק) וואס רופט ארויס א קראנקהייט.

pathog'enous *a.* (פע-טהאדזש'-ע-נאס) ז. *pathogenic*

pathog'eny *n.* (פע-טהאדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען ענטשטעהונג פון קראנקהייטען; דער אופן ווי א קראנקהייט ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך.

pathognomon'ic *a.* (פע-טהאג-נא-מאנ'-איק) וואס צייגט אן דורך וואס א קראנקהייט קען דערקענט ווערען; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א קראנקהייט [וואס איז נור צו געפינען אין דיעזער קראנקהייט און ניט אין קיין אנדערער].

The **pathognomonic** sign of love is jealousy.

pathog'nomy *n.* (פע-טהאג'-נא-מי) די לעהרע וועגען די סימפטאמען [סמנים] פון קראנקהייטען; די לעהרע וועגען די סימפטאמען פון מענשליכע ליידענשאפטען און אויפגערעגטע געפיהלען.

pathograph'ical *a.* (פעטה-א-גרעפ'-אי-קעל) פאטאגראפיש, וואס איז שייך צו פאטאגראפיע. ז. *pathography*

pathog'raphy *n.* (פע-טהאג'-רע-פי) פאטאגראפיע, א בעשרייבונג פון קראנקהייטען.

patholog'ic *a.* (פעטה-א-לאדזש'-איק) פאטאלאגיש; וואס איז שייך צו פאטאלאגיע [די לעהרע וועגען קראנקהייטען].

patholog'ical *a.* (פעטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *pathologic*

patholog'ically *adv.* (פעטה-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א פאטאלאגישען אופן; אין בעצוג צו פאטאלאגיע. ז. *pathology*

pathol'ogist *n.* (פע-טהאל'-א-דזשיסט) א פאטאלאגיסט, א קענער פון פאטאלאגיע. ז. *pathology*

pathol'ogy *n.* (פע-טהאל'-א-דזשי) פאטאלאגיע, די לעהרע וועגען קראנקהייטען.

pathopho'bia *n.* (פעטה-א-פאו'-בי-א) אן איבערטריבענע מורא פאר קראנקהייטען; א קראנקהאפטע מורא.

pathopœ'ia *n.* (פעטה-א-פיע'-יא) א רעדע וואס רייצט די ליידענשאפטען.

pa'thos *n.* (פיי'-טהאס) פאטהאס, אן אויסדרוק פון א שטארקער ליידענשאפטליכער בעגייסטערונג; אן אויסדרוק פון א געהויבענער שטימונג.

The speaker's address was full of **pathos**.

path'way *n.* (פעטה'-הוויי) א וועג; א שטעג.

They met in a **pathway** in the garden behind the house.

patib'ulary *a.* (פע-טיב'-יו-לע-רי) ווי א תליה.

patib'ulated *a.* (פע-טיב'-יו-ליי-טעד) אויפגעהאנגען אויף א תליה.

pa'tience *n.* (פיי'-שענס) געדולד; ענגלישער שפינאט, אמפפערקרויט אדער שטשאוו; אזא קארטען=שפיעל.

pa'tient *a. and n.* (פיי'-שענט) געדולדיג; געדולדיג אויסדרויערנד; א פאציענט, א חולה, א קראנקער.

pa'tiently *adv.* (פיי'-שענט-לי) מיט געדולד, אויף א געדולדיגען אופן.

pat'ina *n.* (פעט'-אי-נא) פאטינא, אנטיקען=גריז, די גרינקייט אויף אלטע בראנז; א פאן, א ברייטער פלאכער טעלער.

pat'inated *a.* (פעט'-אי-ניי-טעד) בעדעקט מיט פאטינא. ז. *patina*

patina'tion *n.* (פעט-אי-ניי'-שאן) דאס בעדעקט ווערען מיט פאטינא. ז. *patina*

pat'io *n.* (פעט'-אי-או) א הויף פאר א הויז [אין שפאניען און אין שפאניש=אמעריקאנישע געגענדען].

pat'ly *adv.* (פעט'-לי) פאסליך, צוגעפאסט, בעקוועם.

pat'ness *n.* (פעט'-נעס) בעקוועמליכקייט, פאסליכקייט, צוגעפאסטקייט.

patois' *n.* (פע-טוא') א דיאלעקט, א דארפישע ארט ריידען, א גראבע רעדענסארט.

pa'tres conscrip'ti (פיי'-טריז קאנ-סקריפ'-טאי) פאטערס און אויסגעוועהלטע [אלס טיטול פון סענאטארען אין אלטען רוים].

pa'tria *n.* (פיי'-טרי-א) — אין זאאלאגיע דאס פאטערלאנד, דער אבשטאמונגס=פלאץ פון א געוויסען מין חיות.

pa'trial *n. and a.* (פיי'-טרי-על) אין גראמאטיק — א הויפט=ווארט געבילדעט פון דעם נאמען פון א לאנד [ווי למשל: אן ענגלענדער, א גאליציאנער]; וואס בעצייכענט א פאמיליע, א ראסע, א שבט אדער פאלק [וועגען ווערטער].

pa'triarch *n.* (פיי'-טרי-ארק) א פאטריארך, א פאמיליען=הערשער, א שטאם=פאטער [הויפטזעכליך די אידישע פאטריארכען: אברהם, יצחק ויעקב און יעקב'ס זיהן], דער ראש פון אידישען סנהדרין, אן ערץ=בישאף, א הויכער קריסטליכער בעאמטער ביי די מארמאנען, א הויך=געאכטעטער מאן, עטוואס וואס רופט ארויס אכטונג.

pa'triarchal *a.* (פיי'-טרי-אר-קעל) פאטריארכיש; וואס איז שייך צו א פאטריארך [שטאם=פאטער]; וואס איז שייך צו אן ערץ=בישאף, אונטערווארפען אן ערץ=בישאף; פאטריארכאליש, וואס איז שייך צו דער פאטריארכאלישער ארדנונג אדער צום פאטריארכאט. ז. *patriarchy*

pa'triarchalism *n.* (פיי'-טרי-אר-קעל-איזם) פאטריארכאט, פאטריארכאלע ארדנונג. ז. *patriarchy*

pa'triarchally *adv.* (פיי'-טרי-אר-קעל-אי) ווי א פאטריארך; לויט דער פאטריארכאלישער ארדנונג. ז. *patriarchy*

pa'triarchate *n.* (פיי'-טרי-אר-קייט) דאס אמט אדער די הערשאפט פון א פאטריארך אדער ערץ=בישאף; דער בעצירק אונטער אן ערץ=בישאף; די וואהנונג פון אן ערץ=בישאף; פאטריארכאט. ז. *patriarchy*

patriar'chic *a.* (פיי-טרי-אר'-קיק) ז. *patriarchal*

pa'triarchism *n.* (פיי'-טרי-אר-קיזם) פאטריארכיזם, די הערשאפט פון א פאמיליען=פאטער אדער פאטריארך.

pa'triarchship *n.* (פיי'-טרי-ארק-שיפ) דאס אמט פון א פאטריארך [ערץ=בישאף].

pa'triarchy *n.* (פיי'-טרי-אר-קי) פאטריארכאט, פאטריארכאלע ארדנונג [די געזעלשאפטליכע ארדנונג, אין וועלכער די הערשאפט איבער דער פאמיליע און שבט ליעגט אין די הענד פון פאמיליען=פאטער אדער פון דעם הויפט פון די פערוואנדטע פאמיליען און די קרובה'שאפט און דאס ירושה=רעכט געהט נאך'ן פאטער, אין געגענזאץ צו מאטריארכאט אדער פרויען=הערשאפט. ז. *matriarchy*]; דער בעצירק אונטער דער יוריסדיקציע פון א פאטריארך אדער ערץ=בישאף.

patri'cian *n. and a.* (פיי-טריש'-ען) אין פארצייטיגען רוים — א פאטריציער, איינער וואס האט אבגעשטאמט פון די ערשטע רוימישע בירגער, אן ארעליגער, אן אריסטאקראט; וואס איז שייך צו די אלט=רוימישע סענאטארען אדער פאטריציער; אדעליג.

patri'cianhood *n.* (פיי-טריש'-ען-הוד) דאס זיין א פאטריציער [אן אריסטאקראט, אן אדעליגער]; פאטריציערטום, אדעל.

patri'cianism *n.* (פיי-טריש'-ען-איזם) דאס זיין א פאטריציער אדער אן אריסטאקראט, אדעליגקייט.

patri'ciate *n.* (פיי-טריש'-אי-אייט) דאס זיין א פאטריציער; די פאטריציער, אדעל, אריסטאקראטיע; די פעריאדע אין וועלכער איינער איז געווען א פאטריציער. ז. *patrician*

pat'ricidal *a.* (פעט'-רי-סאי-דעל) וואס

איז שייך צו א פאטער-מארד אדער פאטער-מערדער.

pat'ricide *n.* (פעט'-רי-סאיד) א פאטער-מארד; א פאטער-מערדער.

patrimo'nial *a.* (פעט-רי-מאו'-ני-על) ערבליך, וואס איז געקומען בירושה פון עלטערן.

patrimo'nially *adv.* (פעט-רי-מאו'-ני-על-אי) בירושה.

pat'rimony *n.* (פעט'-רי-מא-ני) א ירושה-גוט, א יְרושה [פון עלטערן]; קירכליכע גיטער אדער איינקינפטע.

pa'triot *n. and a.* (פיי'-טרי-אט) א פאטריאט; פאטריאטיש.

patriot'ic *a.* (פיי-טרי-אט'-איק) פאטריאטיש.

patriot'ical *a.* (פיי-טרי-אט'-אי-קעל) פאטריאטיש.

patriot'ically *adv.* (פיי-טרי-אט'-אי-קעל-אי) מיט פאטריאטיזם; אויף א פאטריאטישען אופן.

pa'triotism *n.* (פיי'-טרי-אט-איזם) פאטריאטיזם.

pa'trist *n.* (פיי'-טריסט) א פאטריסט, איינער וואס איז גוט בעקאנט מיט דער לעבענס-געשיכטע אדער מיט די ווערק פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tic *a.* (פיי-טריס'-טיק) פאטריסטיש, וואס איז שייך צו די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tical *a.* (פיי-טריס'-טי-קעל) ז. *patristic*.

patris'tically *adv.* (פיי-טריס'-טי-קעל-אי) פאטריסטיש; לויט די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'ticism *n.* (פיי-טריס'-טי-סיזם) די לעהרע אדער די ליטעראטור פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tics *n.* (פיי-טריס'-טיקס) פאטריסטיק, פאטראלאגיע [דאס שטודיום פון די לעהרען און פון דער ליטעראטור פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך].

patrol' *n. and v.* (פע-טראול') א פאטרול, א רונד-וואך, אן אבכאד; פאטרולירונג; פאטרולירען, האלטען רונד-וואך.

patrol'man *n.* (פע-טראול'-מען) א פאליציסט; איינער וואס פאטרולירט אדער האלט רונד-וואך.

patrol'ogy *n.* (פיי-טראל'-א-דזשי) פאטריסטיק, פאטראלאגיע. ז. *patristics*.

pa'tron *n., a. and v.* (פיי'-טראן) 1. א פאטראן, א בעשיצער; א בעגינסטיגער; אן אונטערשטיצער, א פערטיידיגער; א שוץ-הייליגער; איינער וואס בעשטימט פאר א קירכליכען אמט; 2. א בעל-הבית, אן איינגענטימער; וואס איז א פאטראן אדער בעשיצער; 3. פאטראניזירען; זיין א פאטראן, בעשיצער אדער אונטערשטיצער.
1. American millionaires often are **patrons** of art.

pa'tronage *n.* (פיי'-טראנ-איידזש) 1. בעשיצונג, שוץ, בעגינסטיגונג, אונטערשטיצונג; 2. דער שוץ פון א הייליגען [ביי קריסטען]; 3. די קאנטראל איבער דער אויסטיילונג פון קהל'שע עמטער; די קהל'שע עמטער, וועמעס אויסטיילונג ווערט קאנטראלירט; 4. פאטראנאט [דאס בעשטימען אויף קירכליכע עמטער].
1. The concert was given under the **patronage** of well known persons. 3. The governor used the **patronage** of his office for the benefit of his party.

pa'tronal *a.* (פיי'-טראנ-על) וואס איז א פאטראן; בעשיצענד, פערטיידיגענד, בעגינסטיגענד. ז. *patron*.

pa'troness *n.* (פיי'-טראנ-עס) א פאטראנין, א בעשיצערין, א פערטיידיגערין; א שוץ-הייליגע. ז. *patron*.

pa'tronise *v.* (פיי'-טראנ-איז) ז. *patronize*.

pa'troniser *n.* (פיי'-טראנ-אי-זער) ז. *patronizer*.

pa'tronising *a.* (פיי'-טראנ-אי-זינג) ז. *patronizing*.

pa'tronisingly *adv.* (פיי'-טראנ-אי-זינג-לי) ז. *patronizingly*.

pa'tronize *v.* (פיי'-טראנ-איז) 1. פאטראניזירען, העלפען, שטיצען, בעשיצען, בעגינסטיגען; 2. בעהאנדלען מעשה גדול, אראבלאזען זיך [ווי צו א קלענערען פון זיך].
1. We do not **patronize** cheap stores. 2. He **patronized** us with a few words.

pa'tronizer *n.* (פיי'-טראנ-אי-זער) א בעשיצער, אן אונטערשטיצער, איינער וואס בעגינסטיגט אדער פאטראניזירט.

pa'tronizing *a.* (פיי'-טראנ-אי-זינג) 1. פאטראניזירענד, שיצענד, אונטערשטיצענד; 2. בעהאנדלענדיג מעשה גדול אדער אראבלאזענדיג זיך [צו א קלענערען פון זיך].
2. His manner is too **patronizing** to suit me.

pa'tronizingly *adv.* (פיי'-טראנ-אי-זינג-לי) מעשה גדול, פון אויבען אראב, ווי אראבלאזענדיג זיך [צו א קלענערען פון זיך].

pa'tronless *a.* (פיי'-טראנ-לעס) שוצלאז, אהן א בעשיצער, אהן אן אונטערשטיצער.

patronomatol'ogy *n.* (פעט-רא-נאמ-ע-טאל'-א-דזשי) דאס שטודיום פון נעמען פון פערזאנען און זייער אבשטאמונג.

Pa'trons of Hus'bandry (פיי'-טראנז אוו האז'-בענד-רי) אן אמעריקאנישער פערמער-ארדען. ז. *granger*.

patronym'ic *n. and a.* (פעט-רא-נימ'-איק) א פאטראנימיקאן [א נאמען וואס שטאמט פון דעם פאטער'ס נאמען אדער פון די נעמען פון פאר-עלטערן, ווי למשל: לייזערסאן, וויליאמסאן, מעקדאנאלד, ניקאלאיעוויטש א. ז. וו.]; א פאמיליען-נאמען; פאטראנימיש, וואס איז שייך צו א פאטער-נאמען אדער פאמיליען-נאמען, וואס איז שייך צו יענער געזעלשאפטליכער ארדנונג, וואו קינדער בעלאנגען צו דעם פאטער'ס פאמיליע און טראגען דעם נאמען פון דעם פאטער'ס פאמיליע.

patronym'ical *a.* (פעט-רא-נימ'-אי-קעל) פאטראנימיש. ז. *patronymic*.

patron'ymy *n.* (פעט-ראנ'-אי-מי) פאטראנימיע [די געזעלשאפטליכע ארדנונג, אין וועלכער פאמיליען-נעמען געהען איבער פון פאטער צום זוהן, אין געגענזאץ צו מאטראנימיע, וואו דער פאמיליען-נאמען געהט איבער פון דער מוטער צו דער טאכטער].

patroon' *n.* (פע-טרוהן') א פאטרון [אונטער דער פארצייטיגער האלענדישער הערשאפט אין די איצטיגע שטאאטען ניו יארק און ניו דזשוירזי, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס האט געקראגען פון דער רעגיערונג א טראקט לאנד מיט די רעכטען פון די פארצייטיגע פעאדאלען אדער פריצים. די פריווילעגיעס פון די פאטרונען זיינען אבגעשאפט געווארען אין יאהר 1850].

patroon'ship *n.* (פע-טרוהנ'-שיפ) דאס זיין א פאטרון, די פריווילעגיעס פון א פאטרון. ז. *patroon*.

pat'ten *n.* (פעט'-ען) א הילצערנער שוך; א שוך מיט א הילצערנער זויל [פארעשווע]; דער פוס פון א זייל אין א געביידע; די קלאץ, וואס דיענט אלס פונדאמענט פאר א וואנד.

pat'tened *a.* (פעט'-ענד) אין הילצערנע שיך, וואס טראגט שיך מיט הילצערנע זוילען.

pat'ter *n. and v.* (פעט'-ער) קלאפען, שנעל און דריבנע קלאפען [ווי א רעגען]; מורמלען; רעדען אדער זאגען שנעל; געהן מיט שנעלע טריט, מאכענדיג דערביי א רויש ווי פון א פאלענדען רעגען; מתפלל זיין, דאווענען; א קלאפען [ווי פון א רעגען]; דאס מורמלען; דאס רעדען אדער זאגען שנעל; פלוידעריי; א דיאלעקט, א זשארגאן.

pat'terer *n.* (פעט'-ער-ער) א מורמלער, איינער וואס רעדט שנעל; א הויזירער אדער פעדלער וואס ציהט צו קונים אין די גאסען דורך לאנגע רעדעס.

pat'ter flash (פעט'-ער פלעש) רעדען א זשארגאן; רעדען גנבים-שפראך.

pat'tern *n. and v.* (פעט'-ערן) 1. א מאדעל, א שאבלאן; 2. אן אוזאר, א מוסטער; 3. א געניגענדע צאהל אדער מאס פון א מאטעריאל פאר א גאנצער זאך; 4. דיענען אלס מוסטער; מאכען אוזארען.
2. The silk is of a beautiful **pattern**. 3. We bought a **pattern** of dress-material. 4. He is a man to be **patterned** after.

pat'tern-book *n.* (פעט'-ערן-בוק) א בוך פון מוסטערען.

pat'tern-card *n.* (פעט'-ערנ-קארד) א מוסטער-קארטע, א קארטע מיט אויפגעקלעפטע מוסטערען; א בוך פון מוסטער-קארטען.

pat'tern-ma'ker *n.* (פעט'-ערנ-מיי'-קער) א מאדעלען-מאכער, א מוסטערען-מאכער.

pat'teroon *n.* (פעט'-ער-אוהן) ז. *patroon*.

pat'ter-song *n.* (פעט'-ער-סאהנג) א ליעד, וואס ווערט געזונגען זעהר שנעל.

pat'ty *n.* (פעט'-אי) א קליינער פאשטעט, א קליינער געפילטער קוכען.

pat'ty-cake *n.* (פעט'-אי-קייק) פאטש-פאטש-קיכעלעך [א קינדער-שפיעל, ביי וועלכער זיי זינגען און פאטשען צו מיט די הענטלעך].

pat'ty-pan *n.* (פעט'-אי-פען) א פאשטעט-בלעך, א בלעך צום באקען קליינע פאשטעטען אדער געפילטע קוכענס.

pat'ulous *a.* (פעטש'-יו-לאס) פאנאנדערגעשפרייט, אפען.

pau'cify *v.* (פאה'-סי-פאי) מאכען ווייניג, מאכען עס זאל זיין ווינציג.

pau'city *n.* (פאה'-סי-טי) וועניגקייט, ווינציגקייט.

paul *n.* (פאהל) אן אבהאלטס-האקען. ז. *pawl*.

pau'lin *n.* (פאה'-לין) גראבע לייווענד.

Pau'linism *n.* (פאה'-לינ-איזם) די לעהרע פון דעם אפאסטאל פאול; עטוואס כאראקטעריסטישעס פאר דעם אפאסטאל פאול און זיינע לעהרען.

Pau'linist *n.* (פאה'-לינ-איסט) א פאוליניסט, אן אנהענגער פון דעם אפאסטאל פאול'ס לעהרען.

Pau'list *n.* (פאה'-ליסט) א פאול-מאנאך [איינער פון א מאנאכען-ארדען, וואס האלט זיך אן די לעהרען פון אפאסטאל פאול; א מיטגליעד פון אן אמעריקאנישען קאטוילישען מיסיאנערען-ארדען].

paunch *n.* (פאהנטש) דער בויך; דער ערשטער מאגען פון די מעלי גרה.

paun'chiness *n.* (פאהנ'-טשי-נעס) דיק־בייכיגקייט.

paun'chy *a.* (פאהנ'-טשי) דיק־בייכיג.

pau'per *n. and a.* (פאה'-פער) א פאו־פער, אן ארימאן, א בעטלער, א שנארער; וואס איז שייך צו ארימע לייט.

pauperisa'tion *n.* (פאה-פער-אי-זיי'-שאן) ז. *pauperization*

pau'perise *v.* (פאה'-פער-איז) ז. *pauperize*

pau'perism *n.* (פאה'-פער-איזם) פאו־פעריזם, ארימקייט, בעטלער־שטאנד: בעטלערשאפט, בעטלער, ארימע לייט [בכלל].

pauperiza'tion *n.* (פאה-פער-אי-זיי'-שאן) פעראָרימונג.

pau'perize *v.* (פאה'-פער-איז) פאופע־ריזירען, פעראָרימען.

pau'sal *a.* (פאה'-זעל) וואס איז שייך צו א פויזע. ז. *pause*

pause *n. and v.* (פאהז) א פויזע, א קורצער אבשטעל, אן אברוה אדער אונ־טערברעכונג; אין מוזיק־נאטען — א פויזע־צייכען אדער א צייכען [𝄐 אדער 𝄑] וואס צייגט, אז א טאן קען גע־צויגען ווערען ווי לאנג מען וויל; דאס וואקלען זיך, דאס איבערלעגען זיך; אונ־ענטשלאסענהייט; מאכען א פויזע, זיך אבשטעלען, אונטערברעכען; צעגערען, זיך וואקלען, זיין אונענטשלאסען, ניט האבען קיין חשק צו עפעס; אבלעגען.

pause'fully *adv.* (פאהז'-פול-אי) אב־האלטענד; אונטערברעכענד; צווינגענדיג צו מאכען א פויזע.

pause'less *a.* (פאהז'-לעס) אונאויפ־הערליך, אהן אונטערברעכונג.

The pauseless activity of life.

pause'lessly *adv.* (פאהז'-לעס-לי) אהן אונטערברעכונג, אהן אויפהער.

A cool wind streamed pauselessly down the valley.

pau'ser *n.* (פאה'-זער) איינער וואס שטעלט זיך אב אדער מאכט א פויזע; איינער וואס דענקט נאך וועגען עפעס.

pause upon' (פאהז א-פאן') זיך אב־שטעלען אויף עפעס; זיך פערטראכטען אויף עפעס.

pau'sing *n.* (פאה'-זינג) א פויזע, א צייטווייליגע אונטערברעכונג.

pau'singly *adv.* (פאה'-זינג-לי) זיך אב־שטעלענדיג, מיט פויזען אדער אונטער־ברעכונגען; נאכדענקענדיג.

paut *n.* (פאהט) יוטע [אינדישער פלאקס].

pa'vage *n.* (פיי'-וועדזש) ברוקיר־געלד [ביישטייערונג אדער שטייער פאר ברו־קירען גאסען און אויסלעגען וועגען]; דורכגאנג־געלד [אן אבצאהל פאר דעם רעכט דורכצוגעהן איינעמס לאנד].

pav'an *n.* (פעוו'-ען) אזא לאנגזאמער שפאנישער אדער איטאליענישער טאנץ; מוזיק פאר אזא טאנץ.

pave *v.* (פייוו) פלאסטערען, ברוקירען; אויסלעגען א וועג.

paved *a.* (פייווד) ברוקירט, געפלאס־טערט; עהנליך צו ברוקירונג.

pave'ment *n. and v.* (פייוו'-מענט) פלאסטערונג, א ברוק, א טראטואר; א ברוק־עהנליכער געבוי [פון קערפער־טייל־לען]; ברוקירען, פלאסטערען.

pave'ment-ram'mer *n.* (פייוו'-מענט-רעמ'-ער) א ברוקיר־מאשין [איינצושלא־גען ברוק־שטיינער].

pav'en *n.* (פעוו'-ען) ז. *pavan*

pa'ver *n.* (פיי'-ווער) א פלאסטערער, א ברוקירער; א ראמבאק [אריינצוקלא־פען ברוקיר־שטיינער]; א ברוק־שטיין, א פלאסטער־ציגעל. ז. *paving-rammer*

pestif'erously *adv.* (פעס-טיפ'-ע-ראס-לי) אויף א פעסטליכען אדער פלאגענדען שטייגער; פלאגענדיג, דערעסענדיג.

pes'tilence *n.* (פעס'-טי-לענס) די פעסט, די פלאג; אן עפידעמישע קראנקהייט; דאס וואס רופט ארויס אן עפידעמישע קראנקהייט; א שעדליכער, פערדארבענער מענש.

pes'tilent *a.* (פעס'-טי-לענט) ווי פעסט, אנשטעקענד; שעדליך; פערדארבען; פלא=גענד, דערעסענד, דאקוטשענד.

pestilen'tial *a.* (פעס-טי-לען'-שעל) ז. *pestilent*.

pes'tilently *adv.* (פעס'-טי-לענט-לי) אזוי ווי א פעסט, שעדליך, טויטליך.

pes'tle *n. and v.* (פעסל) א שטאמפ פון א שטויסעל; שטויסען אין א שטויסעל; בענוצען א שטאמפ.

pet *n., a. and v.* (פעט) אן ערגערניש; אויסברוך פון פערדרוס אדער אונצופרי=דענהייט; א הויז=לעמעלע, א געצערטעלט הויז=טהיער, א ליעבלינג; פערצערטעלט, געליעבט, געלאשטשעט; פערצערטלען; לאש=טשען; זיין ערגער=ליך, בייז אדער אנ=געכמורעט.

pet'al *n.* (פעט'-על) דאס בלומען=בלעטעל, איינע פון די בלעט=לעך, וועלכע בילדען אויס דאס בלומען=קריינדעל ביי א פלאנצע.

Petals

pet'aled *a.* (פעט'-עלד) וואס האט בלו=מען=בלעטלעך.

pet'aliform *a.* (פעט'-על-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א בלומען=בלעטעל.

pet'aline *a.* (פעט'-על-אין) וואס איז שייך צו דעם בלומען=בלעטעל.

pet'alism *n.* (פעט'-על-איזם) אין דער אלט=גריכישער שטאדט סיראקיוז — דאס פערטרייבען א בירגער פון שטאדט, אויב א גרויסע צאהל בירגער געפינען איהם פאר שעדליך, ווי דער אסטראקיזם אין אטהען. ז. *ostracism*.

pet'al-like *a.* (פעט'-על-לאיק) וואס איז ענהליך צו א בלומען=בלאט.

pet'aloid *a.* (פעט'-ע-לאיד) ז. *petal-like*.

pet'alon *n.* (פעט'-ע-לאן) דער ציץ=הזהב אדער דאס גאלדענע בלאט וואס דער אידישער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן שטערען.

pet'alous *a.* (פעט'-ע-לאס) אין באטא=ניק — מיט בלומען=בלעטלעך.

petard' *n.* (פי-טארד') א פעטארדע [א מין באמבע אנגעפילט מיט שיס=פולווער, וועלכע מען פלעגט בענוצען אויפצורייסען טהירען און ווענד פון א פעסטונג].

petardeer' *n.* (פעט-אר-דיער') א סאל=דאט, וועלכען מען פלעגט בענוצען ביים אונטערלעגען א פעטארדע. ז. *petard*.

petardier' *n.* (פעט-אר-דיער') ז. *petardeer*.

pe'tary *n.* (פי'-טע-רי) א טארף=זומפ. ז. *peat-bog*.

pet'asus *n.* (פעט'-ע-סאס) א מערקור=הוט, אזא פארציייטיגער גריכישער נידרי=גער פילץ=הוט מיט ברייטע ראנדען [פלעגט געברויכט ווערען אויף רייזען לכבוד מער=קור אדער הערמעס, דעם גאט פון רייזענ=דע, שלוחים און סוחרים]; אין ארכיטעק=טור — א הוט=פערמיגער קופאל [א קופאל ענהליך צו א מערקור=הוט].

petau'rist *n.* (פע-טאה'-ריסט) דער פע=טאורוס אדער פלוג=בייטעל [אזא אויס=טראליש חיה'לע פון דעם מין בייטעל=טהיע=רע אדער קענגורו, מיט א בייטעל, אין וועלכען זיי טראגען זייערע קינדער].

pet'-cock *n.* (פעט'-קאק) אזא קליינער קראן וואס ווערט געברויכט פאר דאמפף=צילינדערס אבצולאזען וואסער אדער פאר וואסער=פומפען אבצופראבירען אויב זיי זיינען אין דער ארדנונג און פונקציאנירען.

petech'iæ *n.* (פי-טעק'-אי-אי) רויטע

הויט=פלעקן, בלוט=פלעקן [אויף דער הויט].

petech'ial *a.* (פי-טעק'-אי-על) פלעקיג, מיט רויטע פלעקן, מיט בלוט=פלעקן [אויף דער הויט].

petech'ial fe'ver (פי-טעק'-אי-על פי'-ווער) פלעקן=פיבער, טיפוס; עפידעמישער רוקן=מעניגגיטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך=הייטעל].

petech'iate *a.* (פי-טעק'-אי-אייט) בעדעקט מיט רויטע הויט=פלעקן אדער מיט בלוט=פלעקן [ווי ביי טיפוס, למשל].

pe'ter *n. and v.* (פיע'-טער) אזא בלויער פלאג צו געבן סיגנאלן [ז. *blue-peter*]; ביסלעכווייז זיך פערמינדערען און פערשווינדען, זיך אויסשעפען; אין וויסט [אזא קארטען=שפיעל] — ארויסגעהן מיט א גרויסער קארט, אום ארויסצורופען טרומף [קאזיר].

pe'ter-boat *n.* (פיע'-טער-באוט) א פישער=שיפעל [שפיציג פון פארענט און פון הינטען]; א קאסטען אין א טייך צו האלטען פיש.

pe'ter out (פיע'-טער אוט) זיך אויסשעפען, זיך ביסלעכווייז פערמינדערען און פערשווינדען.

pe'tersham *n.* (פיע'-טער-שעם) אזא שווערער, גראבער געוואנד; א ראק פון אזא געוואנד.

pet'iolar *a.* (פעט'-אי-או-לאר) וואס איז שייך צו א בלאט=שטענגעל [דאס שטענגעל מיט וועלכען א בלאט איז בעפעסטיגט צו דער פלאנצע]; וואס וואקסט אויף א בלאט=שטענגעל; אין זאאלאגיע און אנאטאמיע — פעראייניגט ווי מיט א בלאט=שטענגעל; וואס איז שייך צו די אינזעקטען [ווי ביענען, למשל], ביי וועלכע דער בויך איז פעראייניגט מיט דעם ברוסט=טייל ווי מיט א בלאט=שטענגעל.

pet'iolary *a.* (פעט'-אי-א-לע-רי) ז. *petiolar*.

pet'iolate *a.* (פעט'-אי-א-לייט) וואס האט א שטענגעל [וועגען בלעטער]; אין זאאלאגיע און אנאטאמיע — פעראייניגט ווי מיט א בלאט=שטענגעל [דאס שטענגעל מיט וועלכען א בלאט איז בעפעסטיגט צו דער פלאנצע]; וואס איז שייך צו אינזעקטען, ביי וועלכע דער בויך איז פעראייניגט מיט דעם ברוסט=טייל ווי מיט א בלאט=שטענגעל [ווי ביי ביענען, למשל].

pet'iolated *a.* (פעט'-אי-א-ליי-טעד) ז. *petiolate*.

pet'iole *n.* (פעט'-אי-אול) א בלאט=שטענגעל [מיט וועלכען א בלאט איז בעפעסטיגט צו דער פלאנצע]; א קערפער=טייל ביי אינזעקטען וואס פעראייניגט דעם בויך מיט דעם ברוסט=טייל און איז ענהליך צו א בלאט=שטענגעל.

pet'ioled *a.* (פעט'-אי-אולד) ז. *petiolate*.

pet'iolulate *a.* (פעט'-אי-א-לין-לייט) וואס האט אן אייגענעם שטענגעל [וועגען בעזונדערע טיילען פון א פערצווייגטען בלאט].

pet'iolule *n.* (פעט'-אי-א-ליול) א קליין בלאט=שטענגעל [פון א בעזונדערען טייל פון א פערצווייגטען בלאט].

pet'it *a.* (פעט'-אי) קליין, ניט וויכטיג; נישטיג; אונבעדייטענד.

petite' *a.* (פע-טיעט') קליין, ניט וויכטיג, נישטיג, אונבעדייטענד: פרויענהאפט, ווייבליך.

petite'-maîtresse' *n.* (פע-טיט'-מיי-טרעס') א פראנטיכע.

peti'tion *n. and v.* (פי-טיש'-אן) א פעטיציע; א בקשה; א ביטע; א ביטשריפט; א בקשה אדער ווענדונג צום געריכט; בעטען, זיך ווענדען מיט א פעטיציע, ביטשריפט אדער ביטע.

peti'tionary *a.* (פי-טיש'-אנ-ע-רי) בעטענד; וואס ענטהאלט אין זיך א ביטשריפט, א פעטיציע אדער בקשה.

petitionee' *n.* (פי-טיש-אנ-איע') איינער געגען וועמען מען ברייגגט א קלאגע.

peti'tioner *n.* (פי-טיש'-אנ-ער) איינער וואס דערלאנגט א פעטיציע, קומט מיט א ביטשריפט אדער בקשה.

peti'tionist *n.* (פי-טיש'-אנ-איסט) ז. *petitioner*.

peti'tion of appeal' (פי-טיש'-אן אוו ע-פיעל') אן אפעלאציע.

peti'tion of right (פי-טיש'-אן אוו ראיט) אין דער ענגלישער געזעצגעבונג— א געלד=קלאגע געגען דעם קעניג; א דעקלאראציאן פון פאלקס=רעכטע אין ענגלישען פארלאמענט אין יאהר 1628.

peti'tio princip'ii (פי-טיש'-אי-או פרינ-סיפ'-אי-אי) אין לאגיק — דאס אננעהמען אלס בעוויזען א זאך וואס האט ערשט בעדארפט בעוויזען ווערען; א פאלשער לאגישער שלוס וואס קומט דערפון, וואס מען נעהמט אן אלס בעוויזען א זאך וואס האט ערשט בעדארפט בעוויזען ווערען.

pet'it ju'ry (פעט'-אי דזשוה'-רי) א יורי אדער געריכטס=געשווארענע [אין געגענזאץ צו אן אנקלאגע=געריכט]. ז. *grand jury*.

pet'it lar'ceny (פעט'-אי לאר'-סע-ני) א קליינע גנבה [אויף ווייניגער ווי 25 דאלאר].

petit'-maî'tre *n.* (פע-טיע'-מיי'טר) א פראנט.

pet'itory *a.* (פעט'-אי-טא-רי) בעטענד, וואס קומט מיט א בקשה אדער פעטיציע.

pet'itory ac'tion (פעט'-אי-טא-רי עק'-שאן) א פראצעס פאר אייגענטומס=רעכט.

pet'itory suit (פעט'-אי-טא-רי סיוט) ז. *petitory action*.

petong' *n.* (פי-טאנג') פאקפאנג אדער כינעזישעס ניי=זילבער [א געמיש פון קופער און ניקעל].

petra'ria *n.* (פע-טריי'-רי-א) ז. *petrary*.

petra'ry *n.* (פע-טריי'-רי) א קריגס=מאשין צו שליידערן גרויסע שטיינער.

pet'rel *n.* (פעט'-רעל) דער שטורם=פויגעל [א קליינער ים=פויגעל מיט לאנגע שפיציגע פליגלען וואס בויט נעסטען אין פעלזען ביים ברעג ים און פאלגט נאך שיפען ווייט פון ברעג, נעהרענדיג זיך מיט די ארויסגעווארפענע שיריים פון שפייזען].



Petrel

petres'cence *n.* (פי-טרעס'-ענס) פערשטיינערונג, דאס פערשטיינערן, דאס פערוואנדלען אין שטיין.

petres'cent *a.* (פי-טרעס'-ענט) פערשטיינערנד, וואס פערוואנדעלט אין שטיין.

petrifac'tion *n.* (פעט-רי-פעק'-שאן) פערשטיינערונג, דאס פערוואנדלען אין שטיין; א פערשטיינערטער ארגאניזם, פערשטיינערטע פלאנצען אדער חיות; פאראליזירטקייט, פערשטיינערטקייט, פערגליווערטקייט [פון ערשטוינונג, שרעק א. ז. וו.].

petrifac'tive *a.* (פעט-רי-פעק'-טיוו) פערשטיינערנד, וואס פערוואנדעלט אין שטיין.

pet'rifiable *a.* (פעט'-רי-פאי-עבל) וואס קען פערשטיינערט ווערען.

petrif'ic *a.* (פי-טריפ'-איק) פערשטיינערנד, וואס פערוואנדעלט אדער קען פערוואנדלען אין שטיין.

petrifica'tion *n.* (פעט-רי-פי-קיי'-שאן) ז. *petrifaction*.

pet'rify *v.* (פעט'-רי-פאי) פערשטיינערען; פערשטיינערט ווערען; פאראליזירען, פערשטיינערען, פערגליווערען [פון ערשטוינונג, שרעק א. ז. וו.].

petrog'eny *n.* (פעט-ראדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען דער אבשטאמונג אדער אויסבילדונג פון פעלזען.

pet'roglyph *n.* (פעט'-רא-גליף) אן איינקריצונג אין פעלזען.

petroglyph'ic *a.* (פעט-רא-גליפ'-איק) וואס איז שייך צו איינקריצונגען אין פעלזען.

petrog'lyphy *n.* (פעט-ראג'-לי-פי) די קונסט צו מאכען איינקריצונגען אין פעלזען און שטיינער; איינקריצונג אין פעלזען און שטיינער.

petrog'rapher *n.* (פעט-ראג'-רע-פער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום פון פעלזען.

petrograph'ic *a.* (פעט-רא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דעם שטודיום אדער צו דער בעשרייבונג פון פעלזען.

petrograph'ical *a.* (פעט-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *petrographic*.

petrograph'ically *adv.* (פעט-רא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו דעם שטודיום פון פעלזען; אין בעצוג צו די מינעראלען פון די פעלזען.

petrog'raphy *n.* (פעט-ראג'-רע-פי) דאס שטודיום פון פעלזען.

petro'leum *n.* (פי-טראו'-לי-אם) פעטראלעאום, נאפט, ערד=אויל.

petro'leum-car *n.* (פי-טראו'-לי-אם-קאר) א פראכט=וואגאן צו פיהרען פעטראלעאום [נאפט].

petro'leum-e'ther *n.* (פי-טראו'-לי-אם-איע'-טהער) נאפט, קעראסין, גאזע.

pétroleur' *n.* (פיי-טרא-לער') אן אונטערצינדער [וואס בענוצט זיך ביים אונטערצינדען מיט פעטראלעאום]; א פראנצויזישער קאמונאר וואס האט זיך בעטייליגט ביים אונטערצינדען פאריז, בעת די קאמונע איז געפאלען [אין מאי 1871].

pétroleuse' *n.* (פיי-טרא-לעז') אן אונטערצינדערין [וואס בענוצט זיך ביים אונטערצינדען מיט פעטראלעאום].

petrolif'erous *a.* (פעט-רא-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אדער ברייגגט ארויס פעטראלעאום.

pet'rolin *n.* (פעט'-רא-לין) ז. *petroline*.

pet'roline *n.* (פעט'-רא-לין) א מין פאראפין.

pet'rolist *n.* (פעט'-רא-ליסט) אן אונ=

טערצינדער [וואס בענוצט זיך ביים אונ=
טערצינדען מיט פעטראלעאום].

pet'rolize *v.* (פעט'-רא-לאיז) מאכען
עהנליך צו פעטראלעאום, צוגעבען די אייז=
גענשאפטען פון פעטראלעאום.

petrolog'ic *a.* (פעט-רא-לאדזש'-איק)
וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט ווע=
גען פעלזען.

petrolog'ical *a.* -פעט-רא-לאדזש'-אי)
קעל) ז. *petrologic*

petrolog'ically *adv.* -'פעט-רא-לאדזש)
אי-קעל-אי) ז. *petrographically*

petrol'ogist *n.* (פעט-ראל'-א-דזשיסט)
איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם
שטודיום פון פעלזען.

petrol'ogy *n.* (פעט-ראל'-א-דזשי) די
וויסענשאפט וועגען פעלזען.

pet'ronel *n.* (פעט'-רא-נעל) א רייטער=
פיסטאלעט, א זאטעל=פיסטאלעט [אזא
פארצייטיגער גרויסער פיסטאלעט פאר
רייטער].

petro'sal *a.* and *n.* (פעט-ראו'-סעל)
הארט ווי שטיין [וועגען געוויסע טיילען
פון דעם שלייפען=ביין]; וואס איז שייך
צו די זעהר הארטע טיילען פון דעם שליי=
פען=ביין; דער הארטער טייל פון דעם
שלייפען=ביין.

petrosi'lex *n.* (פעט-רא-סאי'-לעקס)
פעלזיט [אזא שטיין וואס בעשטעהט פון
פעלדשפאט און קווארץ].

petrosili'ceous *a.* -'פעט-רא-סי-ליש)
יאס) ז. *petrosilicious*

petrosili'cious *a.* -'פעט-רא-סי-ליש)
יאס) וואס בעשטעהט פון פעלזיט [א
שטיין וואס בעשטעהט פון פעלדשפאט
און קווארץ].

petroste'arin *n.* -פעט-רא-סטיע'-ע)
רין) ז. *petrostearine*

petroste'arine *n.* -פעט-רא-סטיע'-ע)
רין) אזאקעריט אדער ערד=וואקס.
ז. *ozocerite*

pet'rous *a.* (פעט'-ראס) שטיינערדיג;
הארט ווי שטיין; וואס איז שייך צו די
זעהר הארטע טיילען פון דעם שלייפען=
ביין.

pet'ter *n.* (פעט'-ער) איינער וואס פעש=
טשעט; א ליעבהאבער.

pet'ticoat *n.* and *a.* (פעט'-אי-קאוט)
אן אונטער=קלייד, א פרויען=אונטערראק;
א קליידעל; א פרוי; אזעלכע פישער=
הויזען; דער טייל פון א ציעל=ברעט אי=
בער דעם ווייסען צייכען; די איבערגע=
קעהרטע פארצעלייענע בעכערלך אויף
טעלעגראף=סלופעס; ווייבליך, וואס איז
שייך צו פרויען.

pet'ticoat-breech'es *n.* -פעט'-אי)
קאוט-בריטש'-עז) אזעלכע ברייטע קורצע
הויזען מיט קרוזשעוועס [געווען אין גע=
ברויך אין 16טען און 17טען יאהרהונ=
דערט].

pet'ticoated *a.* (פעט'-אי-קאו-טעד)
וואס טראגט אן אונטער=קלייד.
ז. *petticoat*

pet'ticoat gov'ernment -פעט'-אי)
קאוט גאוו'-ערנ-מענט) פרויען=הערשאפט,
פרויען=רעגיערונג.

pet'ticoat-pen'sioner *n.* -פעט'-אי)
קאוט-פענ'-שאנ-ער) א מאן וואס ווערט
אויסגעהאלטען פון א פרוי [צוליעב גע=
היימע צוועקען אדער אינטריגעס].

pet'ticoat-trou'sers *n.* -פעט'-אי)
קאוט-טראו'-זערז) אזעלכע ברייטע קור=
צע הויזען מיט קרוזשעוועס [געווען אין
געברויך אין 16טען און 17טען יאהרהונ=
דערט]; אזעלכע ברייטע פישער=הויזען.

pet'tifog *v.* (פעט'-אי-פאג) האנדלען ווי
א יאבעדניק אדער ווי א ווינקעל=אדוואָ=
קאט; מאכען שווינדלערישע געריכטליכע
קונצען און דריידלעך.

pet'tifogger *n.* (פעט'-אי-פאג-ער) א
ווינקעל=אדוואקאט, א יאבעדניק.

pet'tifoggery *n.* (פעט'-אי-פאג-ער-אי)
דאס זיין א יאבעדניק; דאס האנדלען ווי
א ווינקעל=אדוואקאט; אנווענדען פערשיע=
דענע שווינדלערישע געריכטליכע קונצען
און דריידלעך.

pet'tifogging *a.* (פעט'-אי-פאג-אינג)
וואס פאסט פאר א יאבעדניק אדער ווינ=
קעל=אדוואקאט; נידריג, געמיין.

pet'tily *adv.* (פעט'-אי-לי) אויף אן
אונוויכטיגען אופן; מיט קליינליכקייט.

pet'tiness *n.* (פעט'-אי-נעס) קליינ=
קייט; אונוויכטיגקייט.

pet'tish *a.* (פעט'-איש) צופעשטשעט;
פערדריסליך, ערגערליך, קאפריזנע.

pet'tishly *adv.* (פעט'-איש-לי) צופעש=
טשעט; אויף א פערדריסליכען, ערגערלי=
כען אדער קאפריזנעם אופן.

pet'tishness *n.* (פעט'-איש-נעס) דאס
זיין צופעשטשעט; פערדריסליכקייט, ער=
גערליכקייט. קאפריזנעקייט.

pet'titoes *n.* (פעט'-אי-טאוז) חזיר=פיס=
לעך; פיס.

pet'to *n.* (פעט'-טא) די ברוסט.

pet'ty *a.* (פעט'-אי) קליין, אונבעדיי=
טענד, אונוויכטיג.

pet'ty cash (פעט'-אי קעש) קליינע
געלד=סומען.

pet'ty cash'-book -'פעט'-אי קעש)
בוק) דאס קליינע קאסע=בוך.

pet'ty ju'ry (פעט'-אי דזשוה'-רי) א
שוואור=געריכט [א געוועהנליכער געריכט
פון 12 געשווארענע אין געגענזאץ צו אן
אנקלאגע=געריכט. ז. *grand jury*].

pet'ty ju'ryman -'פעט'-אי דזשוה)
רי-מען) א געריכטס=געשווארענער.

pet'ty lar'ceny (פעט'-אי לאר'-סע-ני)
א קליינע גנבה [אויף ווייניגער ווי 25
דאלאר].

pet'ty of'ficer (פעט'-אי אפ'-אי-סער)
א פלאטען=אונטער=אפיציער.

pet'ulance *n.* (פעט'-יו-לענס) מוטווי=
ליגקייט; אייגענזיניגקייט; קאפריזנעקייט;
פרעכהייט, עזות, גראבקייט.

pet'ulancy *n.* (פעט'-יו-לענ-סי)
ז. *petulance*

pet'ulant *a.* (פעט'-יו-לענט) פרעך,
גראב; קאפריזנע; מוטוויליג; אייגענזיניג.

pet'ulantly *adv.* (פעט'-יו-לענט-לי)
אויף א פרעכען, גראבען אדער קאפריזנעם
אופן.

petu'nia *n.* (פי-טיו'-ני-א) אזא בראזי=
ליאנישע בלומען=פלאנצע וואס איהר בלי=
הונג האט די פארם פון א לייקע.

petun'tze *n.* (פע-טאנ'-טסע)
ז. *pehtuntse*

pew *n.* and *v.* (פיו) א קירך=שטוהל, א
קירך=באנק; אן אבגעצאמטער זיץ=פלאץ
אדער באנק אין א קלויסטער; אזא שפי=
ציגער אייזערנער אינסטרומענט; מאכען
אזעלכע זיץ=פלעצער אדער בענק.

pew'-chair *n.* (פיו'-טשעהר) א הענגענ=
דער שטוהל ביי דער זייט פון א קלויס=
טער=באנק.

pe'wee *n.* (פיע'-הוויע) אזא אליווען=
גרינער פליגען=כאפער [אזא אמעריקא=
נער פויגעלע] וואס גיט ארויס קלאנגען
עהנליך צו "פי=ווי".
ז. *pewit*

pe'wet *n.* (פיע'-הוועט) ז. *pewit*

pe'wit *n.* (פיע'-הוויט) אזעלכע פויגעלעך
וועלכע גיבען ארויס קלאנגען עהנליך צו
"פי=ווי" [ווי למשל א געוויסער מין פלי=
גען=כאפער, דער קיביץ=פויגעל א. ז. וו.].

pew'ter *n.* (פיו'-טער) ענגלישער ציין,
ספיאלטער; א צינענע כלי, צינענע גע=
שיר; געלד, בעלוינונג פאר אויסצייכנונג
[אויף דער מאטראזען=שפראך].

pew'terer *n.* (פיו'-טער-ער) א ציין=גיי=
סער; איינער וואס מאכט צינענע כלים.

pew'tery *a.* (פיו'-טער-אי) פון ציין;
עהנליך צו ציין.

pf. אין מוזיק — אן אבקירצונג פון
pianoforte

pfen'nig *n.* (פפענ'-איג) א פפעניג [א
קליינע קופערנע דייטשע מטבע, עטוואס
ווייניגער ווי א פיערטעל פון אן אמערי=
קאנישען סענט].

phæ'nogam *n.* (פיע'-נא-געם) א בלי=
הענדע פלאנצע, א בליטהען=פלאנצע.

phænogam'ic *a.* (פיע-נא-געמ'-איק)
וואס איז שייך צו בליהענדע פלאנצען.

phænog'amous *a.* (פי-נאג'-ע-מאס)
ז. *phænogamic*

phænol'ogy *n.* (פי-נאל'-א-דזשי) דער
טייל פון מעטעאראלאגיע [לעהרע וועגען
וועטער], וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט
דער ווירקונג פון קלימאט אויף דעם לע=
בען פון חיות און פלאנצען.

pha'eton *n.* (פיי'-ע-טאן) א פאיעטאן,
אן אפענע קארעטע, א דראזשקע.

phaeton'ic *a.* (פיי-ע-טאנ'-איק) וואס
איז שייך צו א פאעטאן [אפענע קארע=
טע].

phagedæ'na *n.* (פעדזש-ע-דיע'-נא)
ז. *phagedena*

phagedæn'ic *a.* and *n.* -פעדזש-ע)
דענ'-איק) ז. *phagedenic*

phagede'na *n.* (פעדזש-ע-דיע'-נא) א
געשוויר וואס צופרעסט דאס פלייש.

phageden'ic *a.* and *n.* -פעדזש-ע)
דענ'-איק) וואס צופרעסט [וועגען א גע=
שוויר]; וואס איז שייך צו א געשוויר
וואס צופרעסט דאס פלייש; וואס היילט
אזא געשוויר; א מיטעל געגען אזא גע=
שוויר.

phalan'gal *a.* (פע-לענ'-געל)
ז. *phalangeal*

phalange' *n.* (פע-לענדזש') א פינגער=
קנעכעל, א ביינדעל פון א פינגער; א גע=
לענק=גליעד פון אן אינזעקט'ס פוס; א
בינטעל שטויב=פעדים פון א פלאנצע, וועל=
כע זיינען פעראייניגט דורך פאזערען.

phalan'geal *a.* (פע-לענ'-דזשי-על)
וואס איז שייך צו א פינגער=קנעכעל.

phalan'ger *n.* (פע-לענ'-דזשער) דער
קוסקוס [א היה'לע עהנליך צו א בייטעל=
טהיער, אונגעפעהר אזוי גרויס ווי א קאץ,
מיט א דיקער וואל=פעל. געפינט זיך אין
גרויסע מאסען אין אויסטראליען].

Phalanger

pha'langes *n.* (פיי'-לענ-דזשיעז) פא=
לאנקסען; פינגער=ביינדלעך, פינגער=קנעכ=
לעך. ז. *phalanx*

phalan'gial *a.* (פע-לענ'-דזשי-על) ז. *phalangeal*.

phalan'gic *a.* (פע-לענ'-דזשיק) ז. *phalangeal*.

phalan'giform *a.* (פע-לענ'-דזשי-פארם) וואס האט די פארם פון א פינגערקנעכעל.

phalan'gious *a.* (פע-לענ'-דזשי-אס) וואס געהערט צו דעם מין אפטער=שפינען [אזעלכע שפינען וואס צייכנען זיך אוים מיט דער לענג און בויגזאמקייט פון זייערע פים].

phal'angite *n.* (פעל'-ענ-דזשאיט) א פאלאנגיט, א סאלדאט פון א פאלאנקס. ז. *phalanx*.

Phalan'gium *n.* (פע-לענ'-דזשי-אם) דער מין אפטער=שפינען [א מין שפינען מיט זעהר לאנגע און בויגזאמע פים].

phal'anstere *n.* (פעל'-ענ-סטיער) ז. *phalanstery*.

phalanste'rian *n. and a.* (פעל-ענ-סטיע'-רי-ען) א מיטגליעד פון א פאלאנסטער [א קאמוניסטישער פעראיין אדער געמיינדע לויט דעם פלאן פון פוריע]; אן אנהענגער פון פוריע; וואס איז שייך צו א פאלאנסטער. ז. *Fourierism*.

Phalanste'rianism *n.* (פעל-ענ-סטיע'-רי-ען-איזם) די טעאריע פון פוריע וועגען דער גרינדונג פון פאלאנסטערען. ז. *Fourierism*.

phalan'sterism *n.* (פע-לענ'-סטע-ריזם) ז. *phalansterianism*.

phal'anstery *n.* (פעל'-ען-סטער-אי) א פאלאנסטער [די געביידע אדער געביידען אין וועלכע עס וואהנען די מיטגליעדער פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט לויט דעם פלאן פון פוריע]. ז. *Fourierism*.

pha'lanx *n.* (פיי'-לענקס) א פאלאנקס, א דיוויזיאן אדער באטאליאן סאלדאטען, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין געדיכטע רייהען [אין אלטען גריכענלאנד]; אן אבטיילונג סאלדאטען אדער א גרופע מענשען אויסגעשטעלט אין געדיכטע רייהען; אן א פאלאנסטער [א גרופע מענשען, ערך 18 הונדערט, וועלכע לעבען קאמוניסטיש צוזאמען לויט דעם פלאן פון פוריע. ז. *Fourierism*]; א פינגערביינדעל, א פינגער=קנעכעל; א רייהע פינגערביינדלעך.

phal'arope *n.* (פעל'-ע-ראופ) דער וואסער=טרעטער [אזא קליינער וואסער=פויגעל מיט זעהר געדיכטע פעדערען אויף דעם אונטערשטען טייל פון קערפער, וועלכע געבען איהם די מעגליכקייט גוט צו שווימען].

phallal'gia *n.* (פע-לעל'-דזשי-א) וועהטאג אין פענים [מענליכער געשלעכטס-ארגאן].

phal'lic *a.* (פעל'-איק) וואס איז שייך צו דער פערגעטערונג פון די געשלעכטס-ארגאנען אדער פרוכפערונגס=ארגאנען.

phal'licism *n.* (פעל'-אי-סיזם) די פערגעטערונג פון די געשלעכטס=ארגאנען אדער פרוכפערונגס=קראפט אין דער נאטור.

phal'lism *n.* (פעל'-איזם) ז. *phallicism*.

phalli'tis *n.* (פע-לאי'-טיס) ענטצינדונג פון פענים [מענליכער געשלעכטס=ארגאן].

phal'lus *n.* (פעל'-אס) דער פענים, דער מענליכער געשלעכטס=ארגאן; אן עמבלעם פון דער פרוכפערונגס=קראפט פון דער נאטור וואס פלעגט געטראגען ווערען אין די פעסטליכקייט=פראצעסיאנען לכבוד דעם גאט באקכוס אין אלט=גריכענלאנד.

phan'erogam *n.* (פענ'-ע-רא-געם) א פאנעראגאמישע פלאנצע [א פלאנצע מיט זיכטבארע געשלעכטס=ארגאנען, א בליהענדע פלאנצע, א בליטהען=פלאנצע].

Phaneroga'mia *n.* (פענ-ע-רא-גיי'-מי-א) די פאנעראגאמישע פלאנצען [דער מין פלאנצען וועלכע האבען זיכטבארע געשלעכטס=ארגאנען, בליהענדע פלאנצען, בליטהען=פלאנצען].

phaneroga'mian *a.* (פענ-ע-רא-גיי'-מי-ען) ז. *phanerogamic*.

phanerogam'ic *a.* (פענ-ע-רא-געמ'-איק) פאנעראגאמיש, וואס האט זיכטבארע געשלעכטס=ארגאנען, בליהענד [וועגען פלאנצען].

phanerog'amous *a.* (פענ-ע-ראג'-ע-מאס) ז. *phanerogamic*.

phan'tasm *n.* (פענ'-טעזם) אן אילוזיאן אדער א האלוצינאציאן; א בילד פון דער פאנטאזיע; א גייסטער=ערשיינונג.

phantas'ma *n.* (פענ-טעז'-מא) ז. *phantasm*.

phantasmago'ria *n.* (פענ-טעז-מע-גאו'-רי-א) פאנטאזמאגאריע, אילוזיאנס=בילדער, פאנטאסטישע שרעקענס=בילדער; די פארשטעלונג פון גייסטער=ערשיינונגען; מאגישע בילדער; א מאגישע לאנטערנע.

phantasmago'rial *a.* (פענ-טעז-מע-גאו'-רי-על) ז. *phantasmagoric*.

phantasmagor'ic *a.* (פענ-טעז-מע-גאר'-איק) פאנטאזמאגאריש, וואס איז שייך צו פאנטאזמאגאריע. ז. *phantasmagoria*.

phantasmagor'ical *a.* (פענ-טעז-מע-גאר'-אי-קעל) ז. *phantasmagoric*.

phantas'magory *n.* (פענ-טעז'-מע-גאו-רי) ז. *phantasmagoria*.

phantas'mal *a.* (פענ-טעז'-מעל) אילוזאריש, וואס איז ענליך צו א צויבער=ערשיינונג.

phantas'mally *adv.* (פענ-טעז'-מעל-אי) אויף דעם אופן פון א צויבער=ערשיינונג.

phantasmol'ogy *n.* (פענ-טעז-מאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט גייסטער=ערשיינונגען און ענליכע אילוזארישע ערשיינונגען.

phan'tasy *n.* (פענ'-טע-סי) ז. *fantasy*.

phan'tom *n. and a.* (פענ'-טאם) א פאנטאם, א גייסטער=ערשיינונג, א צויבער=ערשיינונג, אן אילוזארישע ערשיינונג, א פאנטאזיע=בילד; אילוזאריש, פאנטאסטיש.

phantomat'ic *a.* (פענ-טא-מעט'-איק) פאנטאם=ארטיג, ווי א פאנטאם. ז. *phantom*.

Pha'raoh *n.* (פיי'-ראו) פרעה [דער קעניג פון מצרים].

Pharaon'ic *a.* (פער-ע-אנ'-איק) וואס איז שייך צו די פרעה'ס [די קעניגע פון מצרים].

pharisa'ic *a.* (פער-אי-סיי'-איק) פאריזעאיש, וואס געהערט צו די פרושים; פערשטעלט, היפאקריטיש. ז. *Pharisee*.

pharisa'ical *a.* (פער-אי-סיי'-אי-קעל) ז. *pharisaic*.

pharisa'ically *adv.* (פער-אי-סיי'-אי-קעל-אי) פאריזעאיש, אויף א היפאקריטישען אדער פערשטעלטען אופן.

pharisa'icalness *n.* (פער-אי-סיי'-אי-קעל-נעס) ז. *pharisaism*.

phar'isaism *n.* (פער'-אי-סיי-איזם) די לעהרע אדער די אויפפיהרונג פון די פרושים; פערשטעלטקייט; היפאקריטסטווע. ז. *Pharisee*.

Phar'isee *n.* (פער'-אי-סיע) א פאריזעער, א מיטגליעד פון די פרושים [א פארצייטיגע אידישע סעקטע אדער פארטיי וועלכע איז געווען זעהר שטרענג אין אויסטייטשען די דינים פון דער תורה און אין זייער אבהיטונג. די פרושים זיינען דורך זייער שטרענגקייט אין בעצוג צו דער אידישער רעליגיאן זעהר שטארק פערהאסט געווען ביי קריסטוס'ען. ער האט זיי פארגעווארפען, אז זיי היטען בלויז אב די אויסערע פארמען פון דער רעליגיאן און פון דער תורה, אבער ניט זייער גייסט און זיי זיינען דעריבער היפאקריטען און צבוע'קעס]; איינער וואס היט אב שטרענג די אויסערליכע פארמען פון רעליגיאן; א היפאקריט, א צבועק.

phar'iseeism *n.* (פער'-אי-סיע-איזם) ז. *pharisaism*.

phar'macal *a.* (פאר'-מע-קעל) ז. *pharmaceutic*.

pharmaceu'tic *a.* (פאר-מע-סיו'-טיק) פארמאצעטיש, אפטייקעריש; וואס איז שייך צו אפטייקעריי אדער צו דער פארבערייטונג פון מעדיצינען [רפואות].

pharmaceu'tical *a.* (פאר-מע-סיו'-טי-קעל) ז. *pharmaceutic*.

pharmaceu'tically *adv.* (פאר-מע-סיו'-טי-קעל-אי) אויף אן אפטייקערישען אופן; מעשה אפטייקער; אין בעצוג צו אפטייקעריי.

pharmaceu'tics *n.* (פאר-מע-סיו'-טיקס) אפטייקער=קונסט [די קונסט ווי צו מאכען מעדיצינען].

pharmaceu'tist *n.* (פאר-מע-סיו'-טיסט) א פארמאצעט, אן אפטייקער.

phar'macist *n.* (פאר'-מע-סיסט) א קענער פון דער אפטייקער=קונסט; א פארמאצעט, אן אפטייקער.

pharmacodynam'ic *a.* (פאר-מע-קא-דאי-נעמ'-איק) וואס איז שייך צו דער ווירקונג פון מעדיקאמענטען [רפואות] אויף לעבעדיגע ארגאניזמען.

pharmacodynam'ics *n.* (פאר-מע-קא-דאי-נעמ'-איקס) די ווירקונג פון מעדיקאמענטען [רפואות] אויף לעבעדיגע ארגאניזמען.

pharmacogno'sia *n.* (פאר-מע-קאג-נאו'-סי-א) ז. *pharmacognostics*.

pharmacognos'tical *a.* (פאר-מע-קאג-נאס'-טי-קעל) פארמאקאגנאסטיש, וואס איז שייך צו פארמאקאגנאסטיק [די וויסענשאפט וועגען מעדיקאמענטען, זייער פארבערייטונג און זייער ווירקונג].

pharmacognos'tically *adv.* (פאר-מע-קאג-נאס'-טי-קעל-אי) אויף א פארמאקאגנאסטישען אופן; אין בעצוג צו פארמאקאגנאסטיק. ז. *pharmacognostics*.

pharmacognos'tics *n.* (פאר-מע-קאג-נאס'-טיקס) פארמאקאגנאסטיק, די וויסענשאפט וועגען מעדיקאמענטען [רפואות], זייער פארבערייטונג און זייער ווירקונג.

pharmacog'nosy *n.* (פאר-מע-קאג'-נא-סי) ז. *pharmacognostics*.

pharmacog'raphy *n.* (פאר-מע-קאג'-רע-פי) פארמאקאגראפיע, די בעשרייבונג פון מעדיקאמענטען [רפואות].

pharmac'olite *n.* (פאר-מעק'-א-לאיט) דער פארמאקאליט אדער דאס אייזענזויערע קאלך=הידראט [אזא מינעראל פון ווייסען אדער גרויליכען קאליר מיט א זיידען=גלאנץ].

pharmacolog'ical *a.* (פאר-מע-קא-לאדזש'-אי-קעל) פארמאקאלאגיש, וואס איז שייך צו פארמאקאלאגיע. ז. *pharmacology*

pharmacol'ogist *n.* (פאר-מע-קאל'-א-דזשיסט) א פארמאקאלאג, א קענער אין פארמאקאלאגיע. ז. *pharmacology*

pharmacol'ogy *n.* (פאר-מע-קאל'-א-דזשי) פארמאקאלאגיע, די לעהרע וועגען מעדיקאמענטען [רפואות], זייער פארבערייטונג און זייער ווירקונג.

phar'macon *n.* (פאר'-מע-קאן) א מעדיקאמענט, א מעדיצין, א רפואה.

pharmacopœ'ia *n.* (פאר-מע-קא-פיע'-יא) אן אפטייקער-בוך, א בוך וואס ענטהאלט אין זיך פארמולעס און רעגעלען ווי צו מאכען רעצעפטען.

pharmacopœ'ial *a.* (פאר-מע-קא-פיע'-יעל) וואס איז געמאכט לויט דעם אפטייקער-בוך. ז. *pharmacopœia*

pharmacop'olist *n.* (פאר-מע-קאפ'-א-ליסט) אן אפטייקער; א הענדלער מיט אפטייק-וואארען.

phar'macy *n.* (פאר'-מע-סי) פארמאציע, אפטייקער-קונסט; אן אפטייק.

pharol'ogy *n.* (פע-ראל'-א-דזשי) די קונסט אדער וויסענשאפט צו ריכטען דעם גאנג פון א שיף דורך די ליכט-סיגנאלען געגעבען פון ברעג.

pha'ros *n.* (פיי'-ראס) א לייכט-טהורם, וואס איז אויפגעבויט געווארען אין 3טען יאהרהונדערט אויף'ן אינזעל פאראס צו בעלייכטען פאר די שיפען דעם וועג אין אלעקסאנדריע; א לייכט-טהורם.

pharyngal'gia *n.* (פער-אינ-געל'-דזשי-א) א וועהטאג אין שלונד אדער גלאטקע.

pharyn'geal *a.* (פע-רינ'-דזשי-על) וואס איז שייך צו דער גלאטקע אדער שלונד.

pharyngis'mus *n.* (פער-אינ-דזשיז'-מאס) ספאזמען פון די מוסקולען פון שלונד אדער גלאטקע.

pharyngi'tis *n.* (פער-אינ-דזשאי'-טיס) די ענטצינדונג פון דער גלאטקע אדער שלונד.

pharyngodyn'ia *n.* (פע-רינ-גא-דינ'-אי-א) ז. *pharyngalgia*

pharyngol'ogy *n.* (פע-רינ-גאל'-א-דזשי) פארינגאלאגיע, דער טייל פון אנאטאמיע, וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שלונד אדער גלאטקע.

pharyn'goscope *n.* (פע-רינ'-גא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו אונטערזוכען די גלאטקע אדער שלונד.

pharyn'goscopy *n.* (פע-רינ'-גא-סקאו-פי) די אונטערזוכונג פון שלונד אדער גלאטקע.

pharyngot'omy *n.* (פער-אינ-גאט'-א-מי) דאס אויפשניידען דעם שלונד אדער גלאטקע.

phar'ynx *n.* (פער'-אינקס) דער שלונד, די גלאטקע.

phase *n.* (פייז) 1. די פאזע, דער צושטאנד פון א זאך, אויף וויפיעל זי זעהט אויס אין דעם אדער יענעם מאמענט; 2. אין אסטראנאמיע — א בעזונדערער אויסזעהן פון דער לבנה אדער פון א פלאנעט אין דער אדער יענער צייט.
1. The war entered on a new phase.

pha'sel *n.* (פיי'-זעל) א מין פאסאליע.

phase'less *a.* (פייז'-לעס) אונגעענדערט [אין אויסזעהן אדער לאגע].

pha'sic *a.* (פיי'-זיק) פאזיש, וואס איז שייך צו א פאזע. ז. *phase*

pha'sis *n.* (פיי'-סיס) אין אסטראנאמיע — די פאזע פון דער לבנה, איהר פערשיעדענער אויסזעהן אין בעזונדערע צייטען פון מאנאט.

Ph. D. (פי אייטש די) ראשי תבות פון *Philosophiæ Doctor* די ווערטער [דאקטאר פון פילאזאפיע].

pheas'ant *n.* (פעז'-ענט) דער פאזאן [א פויגעל מיט שעהנע פעדערען און א לאנגען רייך-קאלירטען עק. געפינט זיך אין אלע טיילען פון דער וועלט און האלט זיך אויף אין פייכטע ערטער, אויסגראבענדיג די נעסטען אין דער ערד].

Pheasant

pheas'antry *n.* (פעז'-ענט-רי) דאס ארט וואו מען האלט אויף פאזאנען.

pheas'ant's-eye *n.* (פעז'-ענטס-אי) די אדאניס-רויז [א מין גארטען-פלאנצע מיט העל-רויטע בלומען-בלעטלעך].

Pheasant's-eye

phenac'etin *n.* (פי-נעס'-ע-טין) פענאצעטין [אווייסער פולווער אדער פראשעק נעגען קאפ-שמערצען, קדחת און אנדערע קראנקהייטען].

phen'gite *n.* (פענ'-דזשאיט) דער פענגיט [א מין מינעראל]; א געווויסער זארט אלאבאסטער.

phe'nic *a.* (פי'-ניק) וואס איז שייך אדער וואס קען ארויסגענומען ווערען פון פענאל אדער קארבאל-זויערע.

Pheni'cian *a. and n.* (פי-ניש'-ען) פעניציש; וואס איז שייך צו פעניציען [דאס לאנד כנען]; א פעניציער; די פעניצישע שפראך.

phen'icin *n.* (פענ'-אי-סין) דאס פעניל-ברוין [א כעמישער פראדוקט פון פעניל און שוועבעל-זויערע].

phen'icine *n.* (פענ'-אי-סין) ז. *phenicin*

phenicop'ter *n.* (פענ-אי-קאפ'-טער) די פלאמינגא. ז. *flamingo*

phe'nix *n.* (פי'-ניקס) אין דער עגיפטישער מיטאלאגיע — דער פעניקס [א וואונדערליך שעהנער פויגעל, וועלכער האט זיך אליין פערברענט, ווען עס איז געקומען זיין צייט צו שטארבען, און איז ווידער לעבעדיג און יונג געווארען פון דעם אש]; דאס עמבלעם אדער סימבאל פון אייביגען לעבען; אן אויסגעצייכענטע פערזאן, א מענש פון זעלטענער שעהנהייט אדער מיט אנדערע אויסערגעוועהנליכע מעלות.

phe'nogam *n.* (פי'-נא-געם) ז. *phænogam*

phenogam'ic *a.* (פי-נא-געמ'-איק) ז. *phænogamic*

phe'nol *n.* (פי'-נאל) פענאל אדער קארבאל-זויערע [א גיפטיגער שטאף וואס בעקומט זיך פון טער-אויל און ווערט בענוצט צו אנטיסעפטישע צוועקען].

phenol'ogy *n.* (פי-נאל'-א-דזשי) פענאלאגיע, דער טייל פון מעטעאראלאגיע, וואס פערנעהמט זיך מיט שטודירען די ווירקונג פון קלימאט אויף דער ענטוויקלונג פון פלאנצען און חיות.

phenom'ena *n.* (פי-נאמ'-ע-נא) פענאמענען. ז. *phenomenon*

phenom'enal *a.* (פי-נאמ'-ע-נעל) 1. וואס איז שייך צו די פענאמענען אדער די זאכען אויף וויפיעל זיי ווייזען זיך אויס אין אונזער פארשטעלונג און נים ווי זיי זיינען אן-און-פאר-זיך; 2. פענאמענאל, מערקווירדיג; אויסערגעוועהנליך.
2. The play was a phenomenal success.

phenom'enalism *n.* (פי-נאמ'-ע-נעל-איזם) פענאמענאליזם, די פילאזאפישע לעהרע, אז די פענאמענען זיינען רעאל, ד. ה. די זאכען זיינען אין דער ווירקליכקייט אזוי, ווי זיי ערשיינען פאר אונזער פארשטעלונג.

phenom'enalist *n.* (פי-נאמ'-ע-נעל-איסט) א פענאמענאליסט, אן אנהענגער פון פענאמענאליזם. ז. *phenomenalism*

phenomenal'ity *n.* (פי-נאמ-ע-נעל'-אי-טי) דאס זיין פענאמענאל אדער מערקווירדיג.

phenom'enally *adv.* (פי-נאמ'-ע-נעל-אי) אויף א פענאמענאלען, מערקווירדיגען אדער אויסערגעוועהנליכען אופן.

phenom'enism *n.* (פי-נאמ'-ע-ניזם) פענאמעניזם, די לעהרען אדער פרינציפען פון די פענאמעניסטען. ז. *phenomenist*

phenom'enist *n.* (פי-נאמ'-ע-ניסט) א פענאמעניסט, איינער וועלכער האט צו טהאן נור מיט די ערשיינונגען ווי זיי זיינען, ניט נעהמענדיג אין אכט זייערע אורזאכען און פאלגען; איינער וועלכער האלט, אז עס איז ניטא קיין אינערליכע נאטירליך-נויטוועגדיגע פערבינדונג צווישען אורזאכען און פאלגען.

phenom'enize *v.* (פי-נאמ'-ע-נאיז) מאכען אלס א פענאמען אדער ערשיינונג.

phenomenolog'ical *a.* (פי-נאמ-ע-נא-לאדזש'-אי-קעל) פענאמענאלאגיש, וואס איז שייך צו פענאמענאלאגיע. ז. *phenomenology*

phenomenol'ogy *n.* (פי-נאמ-ע-נאל'-א-דזשי) פענאמענאלאגיע, די פילאזאפישע לעהרע וועגען ערשיינונגען, וועלכע מיר בעגרייפען דורך אונזערע חושים אדער שכל; די בעשרייבונג אדער געשיכטע פון ערשיינונגען.

phenom'enon *n.* (פי-נאמ'-ע-נאן) א פענאמען, אן ערשיינונג; א מערקווירדיגע זאך.

phe'nyl *n.* (פי'-ניל) פעניל, דער גרונד-שטאף פון פענאל אדער קארבאל-זויערע.

phe'nyle *n.* (פי'-ניל) ז. *phenyl*

phenyl'ia *n.* (פי-ניל'-אי-א) ז. *aniline*

phew! *int.* (פיו) פוי! פאסקודנע! [אויך אן אויסדרוק פון מיעדקייט אדער איבעראשונג].

phi'al *n. and v.* (פאי'-על) א פיאלע, א גלעזעל, א פלעשעל, א פליאשקע; אנגיסען אין פלעשעל.

Phid'ian *a.* (פיד'-אי-ען) וואס איז שייך צו פידיאוס, איינער פון די בערוהמטעסטע גריכישע סקולפטארען פון אלטערטום [געשטארבען אין יאהר 432 פאר קריסטוס'עס געבורט].

Phila. אבקירצונג פון *Philadelphia* [פילאדעלפיא, א שטאדט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

philan'der *n. and v.* (פי-לענ'-דער) א פערליעבטער; א חיה'לע פון דעם מין בייטעל=טהיערע; שפיעלען זיך אין ליעבע [אהן ערנסטע אבזיכטען], פלירטעווען.

philan'derer *n.* (פי-לענ'-דער-ער) איינער וואס שפיעלט אין ליעבע מיט פרויען, וואס פלירטעוועט.

phil'anthrope *n.* (פיל'-ען-טהראופּ) א פילאנטראפ, א מענשען=פריינד; א בעל=צדקה.

philanthrop'ic *a.* (פיל-ען-טהראפ'-איק) פילאנטראפיש; וואס איז שייך צו פילאנטראפיע אדער ליעבע צו מענשען.

philanthrop'ical *a.* (פיל-ען-טהראפ'-אי-קעל) ז. *philanthropic*.

philanthrop'ically *adv.* (פיל-ען-טהראפ'-אי-קעל-אי) מעשה פילאנטראפ; אויף א פילאנטראפישען אדער מענשען=פריינדליכען אופן.

philan'thropism *n.* (פי-לענ'-טהרא-פיזם) ז. *philanthropy*.

philan'thropist *n.* (פי-לענ'-טהרא-פיסט) א מענשען=פריינד, א בעל=צדקה.

philan'thropy *n.* (פי-לענ'-טהרא-פי) פילאנטראפיע, מענשען=ליעבע; צדקה.

philatel'ic *a.* (פיל-ע-טעל'-איק) וואס איז שייך צו פילאטעליע אדער די ליעבע צו זאמלען פאסט=מארקען.

philat'elist *n.* (פי-לעט'-ע-ליסט) איינער וואס האט ליעב צו זאמלען פאסט=מארקען.

philat'ely *n.* (פי-לעט'-ע-לי) פילאטעליע, די ליעבע צו זאמלען פאסט=מארקען און פערשיעדענע אנדערע מארקען.

philharmon'ic *a.* (פיל-האר-מאנ'-איק) פילהארמאניש, מוזיק=ליעבענד.

Philhel'lene *n.* (פיל-העל'-אין) א גריכען=פריינד; א פילהעלען [איינער פון די, וועלכע האבען אונטערשטיצט די גריכען אין זייער קאמפף פאר בעפרייאונג פון טערקישען יאך אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט].

Philhellen'ic *a.* (פיל-הע-לענ'-איק) גריכען=פריינדליך; וואס איז שייך צו די פילהעלענען. ז. *Philhellene*.

Philhel'lenism *n.* (פיל-העל'-ענ-איזם) ליעבע צו די גריכען און גריכענלאנד; די פרינציפען פון די פילהעלענען. ז. *Philhellene*.

Philhel'lenist *n.* (פיל-העל'-ען-איסט) ז. *Philhellene*.

phil'ip *n.* (פיל'-איפ) דער שפערלינג אדער וואראבייטשיק. ז. *house-sparrow*.

philip'pic *n.* (פי-ליפ'-איק) א פיליפיקע, א שארפע שטראף=רעדע; א בייסענדע סאטירישע קריטיק.

Philip'pic *n.* (פי-ליפ'-איק) די פיליפיקע, איינע פון די שארפע רעדען וואס דער גריכישער אראטאר דעמאסטהענעס האט געהאלטען געגען דעם מאצעדאנישען קעניג פיליפ, דעם פאטער פון אלכסנדר מוקדון.

phil'ippine *n.* (פיל'-אי-פין) ז. *philopena*.

phil'ippize *v.* (פיל'-איפ-איז) ארויסטרעטען מיט א פיליפיקע אדער מיט א שארפער קריטישער רעדע; רעדען מיט א בייסענדער קריטיק.

Philis'ter *n.* (פי-ליס'-טער) א פיליסטער, א שמאל=קעפיגע. פערזאן, א מענש מיט זעהר א שמאלען און אויבערפלעכליכען בליק אויף'ן לעבען; ביי די דייטשע סטודענטען — יעדער איינער וואס האט זיך ניט געלערענט אין אן אוניווערזיטעט.

Philis'tine *n.* (פי-ליס'-טין) א פלשתי, איינער פון די פלשתים [אן אלט=אזיאטיש פאלק, וואס האט געוואהנט אין שכנות מיט די אידען און פלעגט שטענדיג מיט זיי מלחמה האלטען]; א פערהאסטער שונא; אן אכזר, א פערשטיינערט הארץ; א פאליציי=בעאמטער; א פיליסטער. ז. *Philister*.

Philis'tinism *n.* (פי-ליס'-טינ-איזם) דאס פיליסטערטום, שמאל=קעפיגקייט, ענגהערציגקייט.

philodem'ic *a.* (פיל-א-דעמ'-איק) וואס ליעבט דאס פאלק אדער דעם המון.

philog'ynist *n.* (פי-לאדזש'-אי-ניסט) א ליעבהאבער פון פרויען.

philog'yny *n.* (פי-לאדזש'-אי-ני) דאס ליעב האבען פרויען.

philol'oger *n.* (פי-לאל'-א-דזשער) א פילאלאג, א שפראך=געלעהרטער, א שפראך=פארשער.

philolog'ic *a.* (פיל-א-לאדזש'-איק) פילאלאגיש, שפראך=פארשעריש; וואס איז שייך צו פילאלאגיע אדער שפראך=פארשונג.

philolog'ical *a.* (פיל-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *philologic*.

philolog'ically *adv.* (פיל-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א פילאלאגישען אופן; אין בעצוג צו פילאלאגיע [שפראך=פארשונג].

philol'ogist *n.* (פי-לאל'-א-דזשיסט) ז. *philologer*.

philol'ogize *v.* (פי-לאל'-א-דזשאיז) פערהאנדלען פראגען וואס זיינען שייך צו פילאלאגיע אדער שפראך=וויסענשאפט.

phil'ologue *n.* (פיל'-א-לאג) ז. *philologer*.

philol'ogy *n.* (פי-לאל'-א-דזשי) פילאלאגיע, שפראך=וויסענשאפט, שפראך=פארשונג.

phil'omath *n.* (פיל'-א-מעטה) א פריינד פון וויסענשאפט, א תלמיד=חכם.

philomath'ic *a.* (פיל-א-מעטה'-איק) וואס ליעבט וויסענשאפט אדער וויסענשאפטס=מענשען.

philomath'ical *a.* (פיל-א-מעטה'-אי-קעל) ז. *philomathic*.

philom'athy *n.* (פי-לאמ'-ע-טהי) ליעבע צו וויסענשאפט.

phil'omel *n.* (פיל'-א-מעל) דער נאכטיגאל אדער סאלאוויי.

Philome'la *n.* (פיל-א-מי'-לא) אין מיטאלאגיע — פילאמעלא, די טאכטער פון אטהענישען קעניג פאנדיאן, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין א נאכטיגאל; דער מין נאכטיגאלען.

phil'omot *n. and a.* (פיל'-א-מאט) דער קאליר פון א פערוועלקטען בלאט, געלבליך=ברוינער קאליר; געלבליך=ברוין; וואס האט דעם קאליר פון א פערוועלקטען בלאט. ז. *filemot*.

philomu'sical *a.* (פיל-א-מיו'-זי-קעל) וואס ליעבט מוזיק.

philope'na *n.* (פיל-א-פי'-נא) פילאפענא, א מין שפיעל מיט א צווילינג פון א נוס [צוויי מענשען בעקומען דיעזען נוס און איינער בעקומט איין יאדרע, געבענדיג דעם צווייטען א פאנד אונטער געוויסע קאנדיציאנען]; די פאנד אדער משכון וואס ווערט געגעבען אין דיעזען שפיעל; איינע פון די יאדרען ביי דיעזען שפיעל.

philopolem'ical *a.* (פיל-א-פא-לעמ'-אי-קעל) וואס ליעבט פאלעמיק אדער מחלוקות.

philoprogen'itiveness *n.* (פיל-א-פרא-דזשענ'-אי-טיוו-נעס) די אינסטינקטיווע ליעבע צו קינדער און צו יונגע בעשעפענישען בכלל.

phil'osoph *n.* (פיל'-א-סאף) א פילאזאף; א כלומר'שדיגער פילאזאף.

philos'ophaster *n.* (פי-לאס'-א-פעס-טער) א כלומר'שדיגער פילאזאף; א שלעכטער דענקער.

philosophe'ma *n.* (פי-לאס-א-פי'-מא) ז. *philosopheme*.

philos'opheme *n.* (פי-לאס'-א-פים) א טעארעמע, א פילאזאפישע ווארהייט.

philos'opher *n.* (פי-לאס'-א-פער) א פילאזאף, א דענקער.

philos'opher's stone (פי-לאס'-א-פערז סטאון) דער פילאזאפען=שטיין [די אלכעמיסטען פון מיטעלאלטער האבען געגלויבט, אז מען קען אויסגעפינען אזא שטיין, דורך וועלכען עס איז מעגליך צו פערוואנדלען אלע מעטאלען אין גאלד].

philosoph'ic *a.* (פיל-א-סאפ'-איק) פילאזאפיש, קאלט, איבערלעגט.

philosoph'ical *a.* (פיל-א-סאפ'-אי-קעל) פילאזאפיש; וואס איז שייך צו פילאזאפיע אדער צו די פילאזאפען; וואס ווערט בענוצט אין דעם שטודיום פון נאטור=פילאזאפיע אדער פיזיק.

philosoph'ically *adv.* (פיל-א-סאפ'-אי-קעל-אי) אויף א פילאזאפישען אופן; רוהיג; איבערדענקענדיג.

philosoph'icalness *n.* (פיל-א-סאפ'-אי-קעל-נעס) דאס זיין פילאזאפיש.

philos'ophism *n.* (פי-לאס'-א-פיזם) פילאזאפיזם, פאלשע אדער פוסטע פילאזאפיע; סאפיסטיק.

philos'ophist *n.* (פי-לאס'-א-פיסט) א פילאזאפיסט, א פאלשער אדער פוסטער פילאזאף; א סאפיסט.

philosophis'tic *a.* (פי-לאס-א-פיס'-טיק) פילאזאפיסטיש, וואס איז שייך צו פוסטער פילאזאפיע.

philosophis'tical *a.* (פי-לאס-א-פיס'-טי-קעל) ז. *philosophistic*.

philos'ophize *v.* (פי-לאס'-א-פאיז) פילאזאפירען; דענקען איבער פילאזאפישע פראגען.

philos'ophy *n.* (פי-לאס'-א-פי) פילאזאפיע [די וויסענשאפט וועגען די אלגעמיינע פרינציפען אדער אורזאכען, דורך וועלכע עס ווערען ערקלערט אלע ערשיינונגען פון פיזישער און גייסטיגער עקזיסטענץ]; פראקטישער שכל, שטארקייט פון גייסט; דאס ראציאנאלע דענקען, מעטאפיזיק; א פילאזאפישע סיסטעם אדער שטה.

phil'ostorgy *n.* (פיל'-א-סטאהר-דזשי) דער אינסטינקט פון ליעבע צו די נאהנטסטע בלוט=אייגענע [ווי די ליעבע פון א מוטער צו איהר קינד].

phil'ter *n. and v.* (פיל'-טער) א ליעבעס=טראנק, א צויבער=טראנק; אריינגעבען א ליעבעס=טראנק; פער'כישופ'ען דורך א ליעבעס=טראנק.

phil'tre *n. and v.* (פיל'-טער) ז. *philter*.

phil'trum *n.* (פיל'-טראם) א ליעבעס=טראנק.

phi'mosed *a.* (פאַי־מאָוסט) וואָס ליידט פון פימאָזע. ז. *phimosis*

phimo'sis *n.* (פאַי־מאָו־סיס) די פימאָ־זע, די פערענגערונג פון דער ערלה [אַ קראַנקהייט ביי ניט גע'מל'עטע מענער].

phiz *n.* (פיז) דאָס געזיכט, דער פּרצוף־פּנים [אַ הומאָריסטישער אויסדרוק].

phlebi'tis *n.* (פלי־באַי־טיס) פלעבי־טיס, אַן ענטצינדונג פון די וועגען אָדער בלוט־אָדערען.

phlebograph'ical *a.* (פלעב־אָ־גרעפ'־אי־קעל) וואָס איז שייך צו דער בעשריי־בונג פון די וועגען אָדער בלוט־אָדערען.

phlebog'raphy *n.* (פלי־באָג'־רע־פי) די בעשרייבונג פון די וועגען אָדער בלוט־אָדערען.

phleb'olite *n.* (פלעב'־אָ־לאַיט) אַ קאַלך־פערהאַרטונג אין אַ וועגע אָדער בלוט־אָדער.

phleb'olith *n.* (פלעב'־אָ־ליטה) ז. *phlebolite*

phlebol'ogy *n.* (פלי־באָל'־אָ־דזשי) דער טייל פון אַנאַטאָמיע, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט וועגען [בלוט־אָדערען]; אַן אָב־האַנדלונג וועגען וועגען.

phleb'orrhage *n.* (פלעב'־אָ־רעדזש) אַ בלוט־פלוס פון אַ וועגע אָדער בלוט־אָדער.

phlebot'omist *n.* (פלי־באָט'־אָ־מיסט) אַן אָדער־לאָזער [אַ פעלדשער וואָס קען לאָזען אָדערען].

phlebot'omize *v.* (פלי־באָט'־אָ־מאַיז) לאָזען אָדער עפענען אַן אָדער.

phlebot'omy *n.* (פלי־באָט'־אָ־מי) דאָס אָדער־לאָזען, דאָס עפענען אַן אָדער.

phlegm *n.* (פלעם) פלעגמע, אייטער; פלעגמאַטישקייט, קאַלטקייט, גלייכגילטיג־קייט, אַפּאַטיע.

phleg'magogue *n.* (פלעג'־מע־גאָג) אַ מעדיציניש מיטעל ארויסצוציהען די פלעגמע [אייטער].

phlegma'sia *n.* (פלעג־מיי'־סי־אַ) אַן ענטצינדונג.

phlegmat'ic *a.* (פלעג־מעט'־איק) פלעג־מאַטיש, קאַלט, גלייכגילטיג, אַפּאַטיש.

phlegmat'ical *a.* (פלעג־מעט'־אי־קעל) ז. *phlegmatic*

phlegmat'ically *adv.* (פלעג־מעט'־אי־קעל־אי) אויף אַ פלעגמאַטישען, קאַלטען אָדער גלייכגילטיגען שטייגער.

phlegmat'icly *adv.* (פלעג־מעט'־איק־לי) ז. *phlegmatically*

phleg'mon *n.* (פלעג'־מאָן) אַן ענטצינ־דונג פון אַ פערבינדונגס־געוועב אין אָר־גאַניזם; אַ בלוט־געשוויר.

phleg'monoid *a.* (פלעג'־מאָ־נאָיד) עהנליך צו אַ בלוט־געשוויר.

phleg'monous *a.* (פלעג'־מאָ־נאָס) וואָס איז שייך צו אַ בלוט־געשוויר.

phlogis'tian *n.* (פלאָ־דזשיס'־טי־ען) איינער וואָס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון פלאָגיסטאָן. ז. *phlogiston*

phlogis'tic *a.* (פלאָ־דזשיס'־טיק) אין מעדיצין — ענטצינדענד; וואָס איז שייך צו פלאָגיסטאָן. ז. *phlogiston*

phlogis'ton *n.* (פלאָ־דזשיס'־טאָן) פלאָ־גיסטאָן, אַזאַ מין שטאָף אָהן גע־וויכט, וועלכער — לויט דער מיינונג פון די אַלטע כעמיקער — געפינט זיך אין אַלע קערפערס און איז די אורזאַכע פון דעם, וואָס זיי קענען ברענען [נאָך דער ענטדעקונג פון זויערשטאָף איז די טעאָ־ריע פון פלאָגיסטאָן פערוואָרפען געוואָ־רען].

phlogogen'ic *a.* (פלאָג־אָ־דזשענ'־איק) ז. *phlogogenous*

phlogog'enous *a.* (פלאָ־גאָדזש'־ע־נאָס) וואָס רופט ארויס אַן ענטצינדונג.

pho'ca *n.* (פאָו'־קאַ) ז. *seal* אַ ים־הונד.

phoca'cean *a.* and *n.* (פאָ־קיי'־שי־ען) ז. *phocine*

Pho'cidæ *n.* (פאָו'־סי־דיע) דער מין ים־הינד. ז. *seal*

pho'ciform *a.* (פאָו'־סי־פאָרם) עהנ־ליך צו אַ ים־הונד.

pho'cine *a.* and *n.* (פאָו'־סין) וואָס איז עהנליך צו אַ ים־הונד; אַ ים־הונד.

pho'coid *a.* and *n.* (פאָו'־קאָיד) ז. *phocine*

Phœ'be *n.* (פיע'־ביע) אין דער גרי־כישער מיטאָלאָגיע — פעבע אָדער דיאַנאַ, די לבנה, די געטין פון דער לבנה.

phœ'be *n.* (פיע'־ביע) [אַזאַ פויגעל]. ז. *pewit* דער קיביץ

phœ'be-bird *n.* (פיע'־ביע־בוירד) דער קיביץ [אַזאַ פויגעל]. ז. *pewit*

Phœ'bus *n.* (פיע'־באָס) אין דער גרי־כישער מיטאָלאָגיע — פעבוס אָדער אַפּאָ־לאָ, דער זון־גאָט.

Phœni'cian *a.* and *n.* (פי־ניש'־ען) פעניציש, אַ פעניציער; די פעניצישע שפּראַך. ז. *Phenician*

phœ'nix *n.* (פיע'־ניקס) ז. *phenix*

Phœ'nix *n.* (פיע'־ניקס) דער מין טיי־טעל־פּאַלמען אָדער טייטעל־ביימער. ז. *date-tree*

phonascet'ics *n.* (פאָו־נע־סעט'־איקס) סיסטעמאַטישע איבונגען אָדער מיטלען צו פערשטאַרקערען און פערבעסערען אַ שטימע אָדער צוריק צו קעהרען אַ פערלאָ־רענע שטימע.

pho'nate *v.* (פאָו'־נייט) ארויסברייננגען שטימ־קלאַנגען.

phona'tion *n.* (פאָ־ניי'־שאָן) דאָס ארויסברייננגען שטימ־קלאַנגען.

phonau'tograph *n.* (פאָ־נאָה'־טאָ־גרעף) אַזאַ אינסטרומענט אויפצונעהמען און פערצייכנען קלאַנגען, אַ מין גראַמאָ־פאָן.

phone *n.* and *v.* (פאָון) אַ לויט, אַ קלאַנג, אַ שטימ־קלאַנג; אַ טעלעפאָן; טע־לעפאָנירען.

phonet'ic *a.* (פאָ־נעט'־איק) פאָנעטיש, וואָס איז שייך צו די ווערטער־קלאַנגען אָדער אויסשפּראַך־קלאַנגען.

phonet'ical *a.* (פאָ־נעט'־אי־קעל) ז. *phonetic*

phonet'ically *adv.* (פאָ־נעט'־אי־קעל־אי) אויף אַ פאָנעטישען אופן; אין בע־צוג צו דער אויסשפּראַך פון די ווער־טער [אין געגענזאַץ צו דעם ווי זיי ווע־רען געשריבען].

phoneti'cian *n.* (פאָו־נע־טיש'־ען) אַ קענער אין פאָנעטיק [די ווּיסענשאַפט וועגען ווערטער־קלאַנגען].

phonet'icism *n.* (פאָ־נעט'־אי־סיזם) דאָס זיין פאָנעטיש, דאָס אויסלעגען זיך פון ווערטער אַזוי ווי זיי ווערען ארויס־גערעדט; דאָס אויסדריקען ווערטער־קלאַנ־גען דורך בוכשטאַבען.

phonet'icist *n.* (פאָ־נעט'־אי־סיסט) אַן אַנהענגער פון דער פאָנעטישער מעטאָדע, איינער וואָס האַלט פון דער מעטאָדע אויס־צולעגען ווערטער אַזוי ווי זיי רעדען זיך ארויס.

phonet'icize *v.* (פאָ־נעט'־אי־סאַיז) מאַכען פאָנעטיש, אויסלעגען ווערטער אַזוי ווי זיי רעדען זיך ארויס.

phonet'ics *n.* (פאָ־נעט'־איקס) פאָנע־טיק, די לעהרע וועגען אויסשפּראַך־קלאַנ־גען אָדער ווערטער־קלאַנגען.

phonet'ic spell'ing (פאָ־נעט'־איק ספּעל'־אינג) די מעטאָדע צו שרייבען ווערטער אַזוי ווי זיי רעדען זיך ארויס.

pho'netism *n.* (פאָו'־נע־טיזם) לויט־קלאַנג, אויסשפּראַך־קלאַנג, וואָרט־קלאַנג; אויסשפּראַך.

pho'netist *n.* (פאָו'־נע־טיסט) אַ קע־נער אין פאָנעטיק [די לעהרע וועגען אויסשפּראַך־קלאַנגען אָדער ווערטער־קלאַנ־גען].

phonetiza'tion *n.* (פאָו־נע־טי־זיי'־שאָן) פאָנעטיזירונג, דאָס אויסדריקען ווערטער־קלאַנגען אָדער אויסשפּראַך־קלאַנ־גען אין בוכשטאַבען; דאָס שרייבען ווער־טער אַזוי ווי זיי רעדען זיך ארויס.

pho'netize *v.* (פאָו'־נע־טאַיז) פאָנע־טיזירען, אויסדריקען ווערטער־קלאַנגען אָדער אויסשפּראַך־קלאַנגען אין בוכשטאַ־בען, שרייבען ווערטער אַזוי ווי זיי רע־דען זיך ארויס.

phon'ic *a.* (פאָנ'־איק) [ז. *phonetic*] פאָנעטיש; וואָס איז שייך צום קלאַנג, לויט'ן קלאַנג.

phon'ics *n.* (פאָנ'־איקס) די פאָנעטיק, ווּיסענשאַפט פון ווערטער־קלאַנגען אָדער אויסשפּראַך־קלאַנגען; די קונסט פון קאָמ־בינירען מוזיקאַלישע קלאַנגען.

phonocamp'tic *a.* (פאָו־נאָ־קעמפּ'־טיק) וואָס רעפלעקטירט [וואַרפט צוריק] אָדער ברעכט אַ שאַל אָדער קלאַנג.

phonocamp'tics *n.* (פאָו־נאָ־קעמפּ'־טיקס) דער טייל פון פיזיק וואָס בעשעפ־טיגט זיך מיט דער רעפלעקטירונג [צו־ריקוואָרפונג] פון קלאַנגען.

pho'nogram *n.* (פאָו'־נאָ־גרעם) אַ גע־שריבענער צייכען פון אַ וואָרט־קלאַנג אָדער אויסשפּראַך־קלאַנג; אַ בוכשטאַב: דער רעקאָרד [די פּלאַטע פון אַ פאָנאָ־גראַף, אויף וועלכען די קלאַנגען ווערען אַבגעדריקט]; אַן אַבדרוק פון אַ קלאַנג אויף'ן רעקאָרד.

pho'nograph *n.* and *v.* (פאָו'־נאָ־גרעף) אַ פאָנאָגראַף [אַן אַפּאַראַט צו פערצייכנען קלאַנגען און זיי נאָכדעם צו־ריק ארויסצוברייננגען, ערפאָונדען פון טהאָ־מאַס עדיסאָן]; פערצייכנען קלאַנגען מיט דער הילף פון אַ פאָנאָגראַף.

Phonograph

phonog'rapher *n.* (פאָ־נאָג'־רע־פער) אַ קענער אין פאָנאָגראַפיע [ז. *phonography*]; איינער וואָס גע־בר'ייכט אַ פאָנאָגראַף; איינער וואָס איז גע'נט אין דעם געברויך פון אַ פאָנאָגראַף.

pho'nograph - graph'ophone *n.* (פאָו'־נאָ־גרעף־גרעפ'־אָ־פאָון) אַ גראַפאָ־פאָן. ז. *graphophone*

phonograph'ic *a.* (פאָו־נאָ־גרעפ'־איק) קלאַנג־בעצייכנענד, פאָנאָגראַפיש, וואָס גע־הערט צו פאָנאָגראַפיע. ז. *phonography*

phonog'raphist *n.* (פאַ-נאַג'-רע-פיסט) ז. *phonographer*.

phonog'raphy *n.* (פאַ-נאַג'-רע-פי) פאָנאָגראַפיע, די וויסענשאַפט פון ווערטער=קלאַנגען אדער אויסשפּראַך=קלאַנגען; דאָס שרייבען פון ווערטער אזוי, אַז יעדער קלאַנג זאָל בעצייכענט ווערען דורך אַן ענטשפּרעכענדען בוכשטאַב; די פּראָדוצירונג און דער געברויך פון פאָנאָגראַפען; אַ סיסטעם פון סטענאָגראַפיע [וואו די קלאַנגען ווערען בעצייכענט מיט פערשידענע ליניען, שטריכען און פּונקטען].

pho'nolite *n.* (פאָו'-נאַ-לאַיט) דער פאָנאָליט, דער קלינג=שטיין [אַ מין מינעראַל].

phonolit'ic *a.* (פאָו-נאַ-ליט'-איק) פאָנאָליטיש. ז. *phonolite*.

phonol'oger *n.* (פאַ-נאַל'-אָ-דזשער) איינער וואָס שטודירט די ווערטער=קלאַנגען אדער אויסשפּראַך=קלאַנגען; אַ קענער אין פאָנעטיק [די לעהרע וועגען ווערטער=קלאַנגען].

phonolog'ic *a.* (פאָו-נאַ-לאַדזש'-איק) וואָס איז שייך צו פאָנאָלאָגיע, וואָס איז שייך צו דער לעהרע וועגען ווערטער=קלאַנגען אדער אויסשפּראַך=קלאַנגען; וואָס איז שייך צו דער אויסשפּראַך פון קלאַנגען און ווערטער.

phonolog'ical *a.* (פאָו-נאַ-לאַדזש'-אי-קעל) ז. *phonologic*.

phonol'ogist *n.* (פאַ-נאַל'-אָ-דזשיסט) ז. *phonologer*.

phonol'ogy *n.* (פאַ-נאַל'-אָ-דזשי) פאָנאָלאָגיע, פאָנעטיק, די לעהרע וועגען ווערטער=קלאַנגען אדער אויסשפּראַך=קלאַנגען; דער טייל פון גראַמאַטיק וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויסשפּראַך; די קלאַנגען=סיסטעם און זייער קאָמבינירונג אין אַ שפּראַך.

phonoma'nia *n.* (פאָנ-אָ-מיי'-ני-אַ) אַ מאָרד=מאַניע, אַ משוגעת צו מאָרדען.

phonom'eter *n.* (פאַ-נאָמ'-ע-טער) אַ פאָנאָמעטער, אַ קלאַנגען=מעסטער [אַן אינסטרומענט צו בעשטימען די קראַפט פון אַ קלאַנג].

phonomo'tor *n.* (פאָו-נאַ-מאָו'-טאָר) אַ פאָנאָמאָטאָר [אַן אינסטרומענט, ערפונדען פון טהאָמאַס עדיסאָן, מיט דער הילף פון וועלכען קלאַנגען, ווי למשל פון אַ מענשליכער שטימע, קענען אַרויסרופען מעכאַנישע בעוועגונגען].

pho'nophore *n.* (פאָו'-נאַ-פאָור) אַן אַפּאַראַט, מיט דער הילף פון וועלכען מען קען האָבען טעלעפאָן=פערבינדונגען דורך אַ טעלעגראַף=ליניע, ניט שטערענדיג די טעלעגראַף=פערבינדונגען; אַן אויער=ביינדעל.

phonoph'orous *a.* (פאַ-נאָפ'-אָ-ראַס) וואָס ברייינגט אַרויס קלאַנגען.

pho'nopore *n.* (פאָו'-נאַ-פאָור) אַן אַפּאַראַט, מיט דער הילף פון וועלכען מען קען האָבען טעלעפאָן=פערבינדונגען דורך אַ טעלעגראַף=ליניע, ניט שטערענדיג די טעלעגראַף=פערבינדונגען.

phonor'ganon *n.* (פאַ-נאָהר'-גע-נאָן) אַ שפּרעך=מאַשין, אַן אַפּאַראַט נאָכצואַהמען די מענשליכע שטימע און שפּראַך.

phonor'ganum *n.* (פאַ-נאָהר'-גע-נאַם) ז. *phonorganon*.

pho'noscope *n.* (פאָו'-נאַ-סקאָופּ) אַ מאַשין אויפצונעהמען מוזיק אדער צו פּראָבירען סטרונעס; אַ מיקראָפאָן. ז. *microphone*.

pho'notype *n.* (פאָו'-נאַ-טאַיפּ) פאָנאָטיפּיע [אַ סיסטעם פון שרייבען וואו יעדער וואָרט=קלאַנג אדער אויסשפּראַך=קלאַנג ווערט בעצייכענט מיט אַ בעזונדערען בוכשטאַב; אַ פאָנעטישער אַלף=בית].

phonotyp'ic *a.* (פאָו-נאַ-טיפּ'-איק) פאָנאָטיפּיש. ז. *phonotype*.

phonotyp'ical *a.* (פאָו-נאַ-טיפּ'-אי-קעל) פאָנאָטיפּיש. ז. *phonotype*.

phonotyp'ically *adv.* (פאָו-נאַ-טיפּ'-אי-קעל-אי) לויט פאָנאָטיפּיע. ז. *phonotype*.

pho'notypist *n.* (פאָו'-נאַ-טאַי-פּיסט) דער וואָס האַלט זיך אַן דער מעטאָדע פון פאָנאָטיפּיע [אַז יעדער שפּראַך=קלאַנג זאָל בעצייכענט ווערען מיט אַ בעזונדערען בוכשטאַב].

pho'notypy *n.* (פאָו'-נאַ-טאַי-פּי) דאָס דרוקען פאָנאָטיפּישע בוכשטאַבען. ז. *phonotype*.

phoronom'ics *n.* (פאָר-אָ-נאָמ'-איקס) קינעמאַטיק. ז. *kinematics*.

phoron'omy *n.* (פאַ-ראָנ'-אָ-מי) קינעמאַטיק. ז. *kinematics*.

phor'oscope *n.* (פאָר'-אָ-סקאָופּ) אַן אינסטרומענט צו פאָטאָגראַפירען אויף ווייטע שטרעקען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

phos'gen *n.* (פאָס'-דזשען) אַ גאַז וואָס בילדעט זיך אויס דורך דער ווירקונג פון ליכט אויף אַ פערבינדונג פון קאַרבאָן=אָקסיד מיט כלאָר.

phos'gene *n.* (פאָס'-דזשיען) ז. *phosgen*.

phos'phate *n.* (פאָס'-פייט) פאָספאַט, פאָספאָר=זויערע זאַלץ.

phos'phated *a.* (פאָס'-פיי-טעד) ז. *phosphatic*.

phos'phate of i'ron (פאָס'-פייט אָוו אַי'-ערן) דאָס פאָספאָר=זויערע אייזען אדער אייזען=בלוי.

phos'phate of lead (פאָס'-פייט אָוו לעד) פאָספאָר=בליי.

phos'phate of lime (פאָס'-פייט אָוו לאַים) קאַלך וואָס ענטהאַלט פאָספאָר=זויערע.

phosphat'ic *a.* (פאָס-פעט'-איק) וואָס איז שייך צו פאָספאַט אדער פאָספאָר=זויערע זאַלץ; וואָס ענטהאַלט אין זיך פאָספאַט.

phosphatiza'tion *n.* (פאָס-פע-טי-זיי'-שאָן) די פערוואַנדלונג אין פאָספאַט [פאָספאָר=זויערע זאַלץ].

phos'phatize *v.* (פאָס'-פע-טאַיז) פערוואַנדלען אין פאָספאַט [פאָספאָר=זויערע זאַלץ]; געברויכען פאָספאַט [ווי למשל, פאַר בעמיסטיגונג].

phosphatu'ria *n.* (פאָס-פע-טיו'-רי-אַ) איבערפלוס פון פאָספאַט=שטאָפען אין אורין [השתנה].

phos'phene *n.* (פאָס'-פיען) דער שיינבאַרער ליכטיגער קרייז, וואָס מען זעהט, ווען מען דריקט צו דאָס אויג.

phos'phid *n.* (פאָס'-פיד) פאָספאָר=מעטאַל [אַ פערבינדונג פון פאָספאָר מיט אַ מעטאַל].

phos'phide *n.* (פאָס'-פיד) ז. *phosphid*.

phos'phid of i'ron (פאָס'-פיד אָוו אַי'-ערן) פאָספאָר=אייזען [אַ פערבינדונג פון פאָספאָר מיט אייזען].

phos'phite *n.* (פאָס'-פאַיט) אַ זאַלץ פון פאָספאָר=זויערע.

Phos'phor *n.* (פאָס'-פאָר) דער מאָרגען=שטערן; דער שטערן ווענוס אַלס מאָרגען=שטערן.

phos'phorate *v.* (פאָס'-פאָ-רייט) פאָספאָריזירען, פעראייניגען מיט פאָספאָר.

phosphoresce' *v.* (פאָס-פאָ-רעס') שיינען ווי פאָספאָר; אַרויסגעבען אַ פאָספאָרישען שיין.

phosphores'cence *n.* (פאָס-פאָ-רעס'-ענס) די אייגענשאַפט צו לייכטען ווי פאָספאָר אדער אַרויסצוגעבען אַ פאָספאָרישען שיין.

phosphores'cent *a. and n.* (פאָס-פאָ-רעס'-ענט) שיינענד ווי פאָספאָר, אַרויסגעבענד אַ פאָספאָרישען שיין; עטוואָס וואָס גיט אַרויס אַ פאָספאָרישען שיין.

phos'phoreted *a.* (פאָס'-פאָ-רעט-עד) וואָס איז צוזאַמענגעמישט מיט פאָספאָר.

phos'phoretted *a.* (פאָס'-פאָ-רעט-עד) ז. *phosphoreted*.

phosphor'ic *a.* (פאָס-פאָר'-איק) פאָספאָריש, עהנליך צו פאָספאָר, שיינענד ווי פאָספאָר.

phosphor'ical *a.* (פאָס-פאָר'-אי-קעל) ז. *phosphoric*.

phosphoridro'sis *n.* (פאָס-פאָר-אי-דראָו'-סיס) אַזאַ לייכטענדער שווייס וואָס ציינט זיך אָפט ביי קראַנקע אויף לונגען=שווינדזוכט אין די לעצטען שטופען פון דער קראַנקהייט.

phos'phorite *n.* (פאָס'-פאָ-ראַיט) פאָספאָריט [פאָספאָר=זויערע קאַלך].

phos'phorize *v.* (פאָס'-פאָ-ראַיז) פערבינדען אדער אַנזאַפען מיט פאָספאָר.

phos'phorous *a.* (פאָס'-פאָ-ראַס) פאָספאָריש; וואָס ענטהאַלט פאָספאָר אדער קומט פון פאָספאָר.

phos'phorous ac'id (פאָס'-פאָ-ראַס עס'-איד) פאָספאָר=זויערע.

phosphoru'ria *n.* (פאָס-פאָ-רוה'-רי-אַ) איבערפלוס פון פאָספאָר אין אורין [השתנה].

Phos'phorus *n.* (פאָס'-פאָ-ראַס) ז. *Phosphor*.

phos'phorus *n.* (פאָס'-פאָ-ראַס) פאָספאָר.

phos'phorus-box *n.* (פאָס'-פאָ-ראַס-באָקס) אַ שוועבעלעך=קעסטעלע.

phos'phorus paste (פאָס'-פאָ-ראַס פּייסט) אַזאַ סם [מיט פאָספאָר] פאַר מייז, פּרייסען [טאַראַקאַנעס] א. ז. וו.

phos'phuret *n.* (פאָס'-פיו-רעט) ז. *phosphid*.

phos'phureted *a.* (פאָס'-פיו-רעט-עד) ז. *phosphoreted*.

phos'phuretted *a.* (פאָס'-פיו-רעט-עד) ז. *phosphoreted*.

photal'gia *n.* (פאָ-טעל'-דזשי-אַ) וועהטאָג וואָס קומט פון שיין.

pho'tic *a.* (פאָו'-טיק) וואָס איז שייך צו ליכט און צו דער פּראָדוקציאָן פון ליכט [שיין].

pho'tics *n.* (פאָו'-טיקס) די לעהרע וועגען ליכט.

pho'to *n.* (פאָו'-טאָו) אַ פאָטאָגראַפיע, אַ פאָטאָגראַפישעס בילד.

photochem'ical *a.* (פאָו-טאָ-קעמ'-אי-קעל) פאָטאָ=כעמיש, וואָס איז שייך צו דער כעמישער ווירקונג פון ליכט.

photochem'ist *n.* (פאָו-טאָ-קעמ'-איסט) אַ פאָטאָ=כעמיקער, אַ קענער אין פאָטאָ=כעמיע. ז. *photochemistry*.

photochem'istry *n.* (פאָו-טאָ-קעמ'-איס-טרי) פאָטאָ=כעמיע, דער טייל פון כעמיע וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער כעמישער ווירקונג פון ליכט.

photochromat'ic *a.* (פאָו-טאָ-קראָ-

מעט'-איק) פאטאגראפירט אין נאטירליכע קאלירען.

photochromog'raphy *n.* (פאו-טא-קרא-מאג'-רע-פי) דאס ארונטערנעהמען פאטאגראפישע בילדער אין פערשיעדענע קאלירען.

photochro'motype *n.* (פאו-טא-קראו'-מא-טאיפ) א בילד געדרוקט אין קאלירען.

pho'tochromy *n.* (פאו'-טאו-קראו-מי) די קונסט פון פאטאגראפירען מיט קאלירען.

photochron'ograph *n.* (פאו-טא-קראנ'-א-גרעף) א פאטאכראנאגראף, אן אינסטרומענט ארונטערצונעהמען איינע נאך די אנדערע פאטאגראפישע בילדער פון געגענשטענדע וועלכע געפינען זיך אין בעוועגונג; דאס בילד וואס ווערט אראבגענומען דורך דיעזען אינסטרומענט.

photochronog'raphy *n.* (פאו-טא-קרא-נאג'-רע-פי) פאטאכראנאגראפיע, דאס ארונטערנעהמען פאטאגראפישע בילדער איינע נאך די אנדערע פון א זאך וואס בעוועגט זיך [ווי למשל פון א פליהענדען פויגעל, פון א לויפענדער חיה א. ד. ג.].

pho'todrome *n.* (פאו'-טא-דראום) אן אינסטרומענט צו צייגען אפטישע עפעקטען דורך א ליכט=שיין וואס ווערט געווארפען אויף א זיך דרעהענדע פלאטע, וועלכע איז געפארבט מיט פערשיעדענע קאלירען אדער פיגורען.

photodynam'ic *a.* (פאו-טא-דאי-נעמ'-איק) פאטא=דינאמיש, וואס איז שייך צו דער ענערגיע אדער ווירקונג פון ליכט.

photodyspho'ria *n.* (פאו-טא-דיס-פאו'-רי-א) די מורא פאר ליכט.

photoelec'tric *a.* (פאו-טא-אי-לעק'-טריק) פאטא=עלעקטריש, וואס ווירקט דורך דער פעראייניגטער ווירקונג פון ליכט און עלעקטריציטעט; וואס פראדוצירט ליכט דורך דער הילף פון עלעקטריציטעט; וואס איז שייך צו פאטאגראפיע מיט דער הילף פון עלעקטרישער ליכט.

photoelec'trical *a.* (פאו-טא-אי-לעק'-טרי-קעל) ז. *photoelectric*.

photoelectric'ity *n.* (פאו-טא-אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וועלכע איז פראדוצירט דורך ליכט.

pho'to-engrave' *v.* (פאו'-טאו-ענ-גרייוו') מאכען פאטאגראפישע גראווירונגען. ז. *photo-engraving*.

pho'to-engra'ver *n.* (פאו'-טאו-ענ-גריי'-ווער) א פאטא=גראווירער, איינער וואס מאכט פאטאגראפישע גראווירונגען. ז. *photo-engraving*.

pho'to-engra'ving *n.* (פאו'-טאו-ענ-גריי'-ווינג) פאטאגראפישע גראווירונג, די גראווירונג דורך דער הילף פון פאטאגראפיע [די פאטאגראפיע ווערט אראבגענומען אויף א מעטאל=פלאטע, וועלכע ווערט נאכהער בעהאנדעלט מיט געוויסע כעמישע פליסיגקייטען, וועלכע פרעסען אוים אין דעם מעטאל די לעדיגע ערטער און עס בעקומט זיך א בולט בילד. מיט דיעזער פלאטע קען מען דאן דרוקען בילדער וועלכע זיינען א קאפיע פון דער פאטאגראפיע]; א פאטאגראפישע גראוויורע [א פלאטע אדער בילד].

photogen'ic *a.* (פאו-טא-דזשענ'-איק) וואס ווערט פראדוצירט דורך דער ווירקונג פון ליכט, וואס איז שייך צו פאטאגראפיע; וואס גיט ארוים ליכט אהן א מערקבארער היץ [וועגען געוויסע פלאנצען און טהיערע].

photog'eny *n.* (פא-טאדזש'-ע-ני) פאטאגראפירונג, פאטאגראפיע.

pho'tograph *n. and v.* (פאו'-טא-גרעף) א פאטאגראפיע, א ליכט=בילד; פאטאגראפירען.

photog'rapher *n.* (פא-טאג'-רע-פער) א פאטאגראף.

photograph'ic *a.* (פאו-טא-גרעפ'-איק) פאטאגראפיש; ווי א פאטאגראפיע.

photograph'ical *a.* (פאו-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *photographic*.

photograph'ically *adv.* (פאו-טא-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך פאטאגראפיע; אין בעצוג צו פאטאגראפיע; אזוי ווי אין פאטאגראפיע.

photog'raphy *n.* (פא-טאג'-רע-פי) פאטאגראפיע, פאטאגראפישע קונסט.

photogravure' *n. and v.* (פאו-טא-גרע-וויור') דאס גראווירען אויף מעטאל דורך דער הילף פון פאטאגראפיע; א פאטא=גראוויורע, א פלאטע וואס איז גראווירט דורך פאטאגראפישע מיטעל; א בילד געדרוקט מיט אזא פלאטע; מאכען א פאטא=גראוויורע. ז. *photo-engraving*.

photohe'liograph *n.* (פאו-טא-הי'-לי-א-גרעף) א פאטאהעליאגראף, א פאטאגראפישער טעלעסקאפ צום נעהמען פאטאגראפיעס פון דער זון.

photolith'ograph *n. and v.* (פאו-טא-ליטה'-א-גרעף) א פאטאליטאגראפיע, א בילד געדרוקט דורך פאטאליטאגראפיע; דרוקען דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithograph'ic *a.* (פאו-טא-ליטה-א-גרעפ'-איק) פאטאליטאגראפיש, וואס איז שייך אדער וואס איז פראדוצירט דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithog'raphy *n.* (פאו-טא-לי-טהאג'-רע-פי) פאטאליטאגראפיע, פאטאגראפישער שטיין=דרוק [דאס פראדוצירען אויף שטיין א דרוק=פלעבע דורך דער הילף פון פאטאגראפיע אום צו דרוקען ליטאגראפישע בילדער].

photolog'ic *a.* (פאו-טא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען ליכט.

photolog'ical *a.* (פאו-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *photologic*.

photol'ogist *n.* (פא-טאל'-א-רזשיסט) א פאטאלאג, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער וויסענשאפט וועגען ליכט.

photol'ogy *n.* (פא-טאל'-א-דזשי) די ליכט=לעהרע, די וויסענשאפט וועגען ליכט.

photomag'netism *n.* (פאו-טא-מעג'-נעט-איזם) פאטא=מאגנעטיזם, די שייכות פון מאגנעטיזם צו ליכט.

photomechan'ical *a.* (פאו-טא-מי-קענ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער מעכאנישער פראדוקציאן פון בילדער דורך פאטאגראפיע [ווי פאטא=גראווירונג, פאטאליטאגראפיע א. ד. ג.].

photom'eter *n.* (פא-טאמ'-ע-טער) א פאטאמעטער, א ליכט=מעסטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די העלקייט פון ליכט, בעזונדערס צו פערגלייכען צוויי ליכט=קוועלען].

photomet'ric *a.* (פאו-טא-מעט'-ריק) פאטאמעטריש, וואס איז שייך צו פאטאמעטריע [די מעסטונג פון דער העלקייט פון ליכט].

photomet'rical *a.* (פאו-טא-מעט'-רי-קעל) ז. *photometric*.

photomet'rically *adv.* (פאו-טא-מעט'-רי-קעל-אי) דורך א פאטאמעטער [ליכט=מעסטער]; אין בעצוג צו פאטאמעטריע [ליכט=מעסטונג].

photometri'cian *n.* (פאו-טא-מע-טריש'-ען) א קענער אין פאטאמעטריע [ליכט=מעסטונג].

photom'etrist *n.* (פא-טאמ'-ע-טריסט) ז. *photometrician*.

photom'etry *n.* (פא-טאמ'-עט-רי) פאטאמעטריע [ליכט=מעסטונג].

photomi'crograph *n.* (פאו-טא-מאי'-קרא-גרעף) א פערגרעסערט פאטאגראפיש בילד פון א גאנץ קליינער [מיקראסקאפישער] זאך.

photomicrog'rapher *n.* (פאו-טא-מאי-קראג'-רע-פער) א פאטאמיקראגראף, איינער וואס פערגרעסערט פאטאגראפישע בילדער פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photomicrograph'ic *a.* (פאו-טא-מאי-קרא-גרעפ'-איק) פאטאמיקראגראפיש, וואס איז געמאכט דורך פאטאמיקראגראפיע; וואס איז שייך צו פאטאמיקראגראפיע. ז. *photomicrography*.

photomicrog'raphy *n.* (פאו-טא-מאי-קראג'-רע-פי) פאטאמיקראגראפיע, די קונסט צו פערגרעסערען פאטאגראפישע בילדער וועלכע זיינען גענומען פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photopho'bia *n.* (פאו-טא-פאו'-בי-א) פאטאפאביע, א קראנקהאפטע מורא פאר ליכט.

photopho'bic *a.* (פאו-טא-פאו'-ביק) וואס האט מורא פאר ליכט; וואס קען ניט פערטראגען קיין ליכט.

pho'tophone *n.* (פאו'-טא-פאון) דער פאטאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען ווערטער קענען איבערגעגעבען ווערען דורך ליכט=שטראהלען].

photophys'ical *a.* (פאו-טא-פיז'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער פיזיקאלישער ווירקונג פון ליכט.

pho'to-print *n.* (פאו'-טאו-פרינט) ליכט=דרוק, דרוקעריי מיט דער הילף פון פאטאגראפישען פראצעס.

pho'to-proc'ess *n.* (פאו-טאו-פראס'-עס) א פאטאגראפישער פראצעס דורך וועלכען עס ווערט געמאכט א גראוויורע צום דרוקען.

photop'sia *n.* (פא-טאפ'-סי-א) דאס פינקלען אין די אויגען [א קרענקליכער צושטאנד, ביי וועלכען עס דוכט זיך, אז עס פליהען פונקען פאר די אויגען].

pho'topsy *n.* (פאו'-טאפ-סי) ז. *photopsia*.

pho'to-relief' *a. and n.* (פאו'-טאו-רי-ליעף') וואס איז שייך צו א בולט'ען בילד, אילוסטראציאן אדער דרוק=פלאטע וואס איז פראדוצירט געווארען דורך א פאטאגראפישען פראצעס; א בילד אדער דרוק=פלאטע וואס איז אויף אזא אופן פראדוצירט=געווארען.

pho'tosphere *n.* (פאו'-טא-ספיער) די ליכט=ספערע פון דער זון, דער ארומיגער ליכט=קרייז פון דער זון אדער פון א שטערן.

photospher'ic *a.* (פאו-טא-ספער'-איק) וואס איז שייך צו דער ליכט=ספערע פון דער זון.

phototachom'eter *n.* (פאו-טא-טע-קאמ'-ע-טער) א פאטאטאכאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדקייט פון ליכט.

phototachom'etry *n.* (פאו-טא-טע-קאמ'-עט-רי) די מעסטונג פון ליכט=געשווינדקייט.

phototeleg'raphy *n.* (פאו-טא-טי-
לעג'-רע-פי) דאס עלעקטרישע דרוקען פון
בילדער אדער שריפטען פון דער ווייי=
טענס.

phototel'ephone *n.* (פאו-טא-טעל'-ע-
פאון) ז. ***photophone***

pho'totype *n. and a.* (פאו'-טא-טאיפ)
א דרוק=פלאטע אדער דרוק=שריפט וואס
איז געמאכט געווארען דורך פאטא=גראווי=
רונג; א בילד וואס איז געדרוקט פון אזא
פלאטע; וואס איז שייך צו דער קונסט
צו מאכען אזעלכע פלאטען אדער אזא
שריפט; געמאכט מיט דער הילף פון ריע=
זער קונסט.

phototypograph'ic *a.* (פאו-טא-טאי-
פא-גרעפ'-איק) פאטא=טיפאגראפיש, וואס
איז שייך צום דרוקען מיט דרוק=פלאטען,
וועלכע זיינען געמאכט געווארען דורך פא=
טא=גראווירונג.

phototypog'raphy *n.* (פאו-טא-טאי-
פאג'-רע-פי) פאטא=טיפאגראפיע, דאס
דרוקען מיט פלאטען, וועלכע זיינען גע=
מאכט געווארען דורך פאטא=גראווירונג.

pho'totypy *n.* (פאו'-טא-טאי-פי) דאס
מאכען מעטאלענע דרוק=פלאטען דורך פא=
טא=גראווירונג.

photovit'rotype *n.* (פאו-טא-וויט'-
רא-טאיפ) א פאטאגראפיע אויף א גלאז=
פלאטע.

photovolta'ic *a.* (פאו-טא-וואל-טיי'-
איק) וואס איז שייך צו אן עלעקטרישען
שטראם וואס ווערט פראדוצירט דורך
ליכט אדער וואס ענדערט זיין שטארקייט
דורך דער ווירקונג פון ליכט.

photozincog'raphy *n.* (פאו-טא-זינ-
קאג'-רע-פי) פאטא=גראווירונג אויף צינק.

photu'ria *n.* (פא-טיו'-רי-א) דאס לא=
זען לייכטענדע אדער פאספארישע השתנה
[אורין].

phra'sal *a.* (פריי'-זעל) וואס בע=
שטעהט פון א פראזע, וואס בעשטעהט פון
צוויי אדער דריי ווערטער.

phrase *n. and v.* (פרייז) א פראזע, אן
אויסדרוק, א רעדענס=ארט; אין מוזיק —
א טאן=זאץ, א טייל פון א מעלאדיע;
אויסדריקען אין א פראזע; זיך אויסדרי=
קען; אין מוזיק — צוטיילען אין טאן=
זעצע.

phrase'-book *n.* (פרייז'-בוק) א פרא=
זען=בוך [א בוך וואס ענטהאלט אידיא=
מאטישע אויסדריקע].

phrase'man *n.* (פרייז'-מען)
ז. ***phrasemonger***

phrase'monger *n.* (פרייז'-מאנ-גער)
א פראזיאר, איינער וואס שיט מיט פרא=
זען אדער מליצות.

phra'seogram *n.* (פריי'-זי-א-גרעם)
א פערבינדונג פון סטענאגראפישע ציי=
כענס, וועלכע שטעלט פאר א פראזע אדער
א זאץ.

phra'seograph *n.* (פריי'-זי-א-גרעף)
ז. ***phraseogram***

phraseog'raphy *n.* (פריי-זי-אג'-רע-
פי) די פערבינדונג פון צוויי אדער מעה=
רערע סטענאגראפישע צייכענס, וועלכע
שטעלען מיט זיך פאר א פראזע אדער
זאץ.

phraseolog'ic *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-
איק) פראזעאלאגיש, וואס איז שייך צו
פראזעאלאגיע. ז. ***phraseology***

phraseolog'ical *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-
אי-קעל) ז. ***phraseologic***

phraseolog'ically *adv.* (פריי-זי-א-
לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פרא=
זעאלאגיע [דער אויסדרוקס=סטיל].

phraseol'ogist *n.* (פריי-זי-אל'-א-
דזשיסט) א פראזעאלאג, א בעל=מליצה.

phraseol'ogy *n.* (פריי-זי-אל'-א-דזשי)
פראזעאלאגיע, די פארם פון דער ווארט=
שטעלונג אין א זאץ, די ארט פון אויס=
דריקען זיך, דער אויסדרוקס=סטיל; א
זאמלונג פון פראזען און אידיאמען.

phra'sing *n.* (פריי'-זינג) דער סטיל פון
אן אויסדרוק אדער זאץ; צוטיילונג פון
א מוזיקאלישער פערפאסונג אין בעזונדע=
רע טאן=זעצע אדער פראזען.

phra'tria *n.* (פריי'-טרי-א) ז. ***phratry***

phra'try *n.* (פריי'-טרי) א משפחה, א
פאמיליען=גרופע [אלס א טייל פון א
שבט ביי די פרימיטיווע פעלקער און אין
פארצייטיגען גריכענלאנד].

phren *n.* (פרען) דער דענקונגס=קראפט,
פערשטאנד; די דיאפראגמע אדער צווערך=
פעל [די דיקע הויט צווישען דעם ברוסט=
קאסטען און דעם בויך].

phrenal'gia *n.* (פרי-נעל'-דזשי-א) א
שטארקע גייסטיגע צורודערטקייט אדער
אונרוהיגקייט; מעלאנכאליע.

phrene'sis *n.* (פרי-ני'-סים) משוגעת,
וואהנזין.

phrenet'ic *a.* (פרי-נעט'-איק) משוגע.

phrenet'ical *a.* (פרי-נעט'-אי-קעל)
ז. ***phrenetic***

phreniat'ric *a.* (פרענ-אי-עט'-ריק)
וואס איז שייך צו דער היילונג פון גייס=
טיגע קראנקהייטען.

phren'ic *a. and n.* (פרענ'-איק) וואס
געהערט צו דער דיאפראגמע אדער צווערך=
פעל [די דיקע הויט וואס איז צווישען
דעם ברוסט=קאסטען און דעם בויך]; א
גייסטיגע קראנקהייט אדער א מיטעל צו
א גייסטיגער קראנקהייט.

phren'ism *n.* (פרענ'-איזם) די דענ=
קונגס=קראפט.

phrenit'ic *a.* (פרי-ניט'-איק) וואס איז
קראנק אויף מארך=ענטצינדונג; וואהנזי=
ניג, משוגע.

phreni'tis *n.* (פרי-נאי'-טיס) געהירן=
ענטצינדונג, מארך=ענטצינדונג; וואהנזין,
משוגעת.

phrenol'oger *n.* (פרי-נאל'-א-דזשער)
ז. ***phrenologist***

phrenolog'ic *a.* (פרענ-א-לאדזש'-איק)
פרענאלאגיש, וואס געהערט צו דער שיי=
טעל=לעהרע. ז. ***phrenology***

phrenolog'ical *a.* (פרענ-א-לאדזש'-
אי-קעל) ז. ***phrenologic***

phrenolog'ically *adv.* (פרענ-א-
לאדזש'-אי-קעל-אי) פרענאלאגיש, לויט די
כללים פון פרענאלאגיע. ז. ***phrenology***

phrenol'ogist *n.* (פרי-נאל'-א-דזשיסט)
א פרענאלאג, א קענער פון דער שייטעל=
לעהרע. ז. ***phrenology***

phrenol'ogy *n.* (פרי-נאל'-א-דזשי)
פרענאלאגיע, די שייטעל=לעהרע [די לעה=
רע אז דעם מענשען'ס גייסט איז צוזאמענ=
געשטעלט פון בעזונדערע פעהיגקייטען,
ווי די פעהיגקייט פון דענקען, פון פריינד=
שאפט, פון האפנונג א. ז. וו., און יעדע
פעהיגקייט האט איהר בעשטימטען פלאץ
אין מארך. לויט דיעזער לעהרע, קען מען
אלזא וויסען דעם מענשען'ס נאטור און
זיינע פעהיגקייטען פון דעם געבוי פון
שארבען]; די לעהרע אדער שטודיום ווע=
גען שכל אדער אינטעלעקט.

phrenomag'netism *n.* (פרענ-א-מעג'-
נעט-איזם) די פעהיגקייט אויפצורעגען די
געהירן דורך דער קראפט פון טהיערישען
מאגנעטיזם.

phrenomes'merism *n.* (פרענ-א-מעז'-
מער-איזם) ז. ***phrenomagnetism***

phrenopath'ia *n.* (פרענ-א-פעטה'-אי-
א) גייסטעס=קראנקהייט, פסיכאפאטיע;
וואהנזין, משוגעת.

phrenople'gia *n.* (פרענ-א-פלי'-דזשי-
א) פלעצליכער פערלוסט פון די גייסטי=
גע פעהיגקייטען אדער פון שכל.

phreno'sis *n.* (פרי-נאו'-סיס)
ז. ***psychosis***

phrone'sis *n.* (פרא-ני'-סיס) פראקטי=
שער שכל.

Phryg'ian *a. and n.* (פרידזש'-אי-ען)
וואס איז שייך צו פריגיען [אן אלטע
פראווינץ אין קליין=אזיען]; א פריגיער,
אן איינוואהנער פון פריגיען.

Phryg'ian stone (פרידזש'-אי-ען
סטאון) דער פריגישער שטיין [א געווי=
סער זארט פימס=שטיין].

Phryg'ian work (פרידזש'-אי-ען
הוואירק) גאלד=האפטונג.

phthiri'asis *n.* (טהי-ראי'-ע-סיס) לייי=
זיגקייט, דאס האבען לייז אויף'ן קערפער.

phthis'ic *a. and n.* (טיז'-איק) שווינד=
זיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג; א
שווינדזיכטיגער; אויסצעהרונג.

phthis'ical *a.* (טיז'-אי-קעל) שווינד=
זיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג.

phthis'icky *a.* (טיז'-אי-קי)
ז. ***phthisical***

phthisiol'ogy *n.* (טיז-אי-אל'-א-דזשי)
די וויסענשאפט וועגען שווינדזוכט אדער
אויסצעהרונג.

phthi'sis *n.* (טהאי'-סיס) שווינדזוכט,
אויסצעהרונג.

phycog'raphy *n.* (פאי-קאג'-רע-פי)
א וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ים=
גראזען.

phycol'ogist *n.* (פאי-קאל'-א-דזשיסט)
א קענער פון דער וויסענשאפט וועגען ים=
גראזען.

phycol'ogy *n.* (פאי-קאל'-א-דזשי) די
לעהרע וועגען ים=גראזען.

phylac'ter *n.* (פי-לעק'-טער)
ז. ***phylactery***

phylac'tered *a.* (פי-לעק'-טערד) וואס
טראגט תפלין; וואס טראגט קמיעות; הי=
פאקריטיש, ווי א פרומאק.

phylacter'ic *a.* (פיל-עק-טער'-איק)
וואס איז שייך צו תפלין.

phylacter'ical *a.* (פיל-עק-טער'-אי-
קעל) ז. ***phylacteric***

phylac'tery *n.* (פי-לעק'-טע-רי) תפלין;
א קמיע; ביי די פארצייטיגע קריסטען —
א קעסטעל מיט רעליקוויען [אנדענקונגס=
צייכענס פון הייליגע].

phy'læ *n.* (פאי'-ליע) פילען [שבטים,
פעראייניגונגען פון עטליכע משפחות ביי
די פארצייטיגע גריכען]. ז. ***phyle***

phy'larch *n.* (פאי'-לארק) א פי=
לארך, אן אנפיהרער פון א פילע [א
שבט אדער פעראייניגונג פון עטליכע
משפחות ביי די אלטע גריכען]; א קא=
מאנדיר פון קאוואלעריע [רייט=סאלדא=
טען] פון א שבט אין אטהען [אלט=גרי=
כענלאנד].

phy'larchy *n.* (פאי'-לאר-קי) דאס אמט
אדער ווירדע פון א פילארך. ז. ***phylarch***

phy'le *n.* (פאי'-לי) א שבט, א פעראיי=
ניגונג פון עטליכע משפחות ביי די אלטע
גריכען, א פילע.

phyl'lis *n.* (פיל'-איס) א דארפס=מיי=
דעל, א הירטין, א פאסטושקע [אלס א
ליעבעס=נאמען אין אידיליען, פאעמען א.
ד. ג.].

phyl'lium *n.* (פיל'-אי-אם) דער בלאט=אינזעקט [אזא אינזעקט וואס זיינע פליגעל=דעקלעך זיינען עהנליך צו פלאנצען=בלעטער].

Phyllium (Leaf-insect)

phyl'lody *n.* (פיל'-א-די) אין באטאניק — דאס פערוואנדלען זיך פון פערשיעדענע פלאנצען=טיילען אין בלעטער.

phyl'logen *n.* (פיל'-א-רזשען) ז. *phyllophore*.

phyllog'enous *a.* (פי-לאדזש'-ע-נאס) וואס וואקסט אויף בלעטער.

phyl'loid *a.* (פיל'-איד) עהנליך צו א בלאט, בלאט=פערמיג.

phylloi'deous *a.* (פי-לאי'-די-אס) ז. *phylloid*.

phyl'lome *n.* (פיל'-אום) דאס בלאט, דאס בלאט אין אלע זיינע פארמען, בעבלעטערונג.

phylloph'agous *a.* (פי-לאפ'-ע-גאס) בלעטער=פרעסענד, בלאט=עסענד.

phyl'lophore *n.* (פיל'-א-פאור) דער אויבערשטער שפיץ פון א פאלמען=שטאם, פון וועלכען עס וואקסען ארוים די בלעטער.

phylloph'orous *a.* (פי-לאפ'-א-ראס) וואס גיט ארוים בלעטער; אין זאאלאגיע — וואס האט בלעטער=פערמיגע ארגאנען אדער קערפער=טיילען.

phyllotac'tic *a.* (פיל-א-טעק'-טיק) וואס איז שייך צו בעבלעטערונג [די ארדנונג און די פערטיילונג פון די בלעטער אויף א בוים].

phyllotax'is *n.* (פיל-א-טעקס'-איס) די בעבלעטערונג [די ארט ווי אזוי די בלעטער זיינען פאנאנדערגעטיילט אויף א פלאנצען=שטענגעל].

phyl'lotaxy *n.* (פיל'-א-טעקס-אי) ז. *phyllotuxis*.

phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא) די פילאקסערא, די וויינשטאק=לויז [א זעהר שעדליכער אינזעקט פאר וויינגערטנער]; די קראנקהייט וואס דיעזער אינזעקט פערורזאכט אין א וויינשטאק.

Phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא) די פילאקסערא, דער מין פלאנצען=לייז [אזעלכע אינזעקטען וואס פערדארבען פלאנצען, ווי די וויינשטאק=לויז].

phylogen'esis *n.* (פאי-לא-דזשענ'-ע-סים) ז. *phylogeny*.

phylogenet'ic *a.* (פאי-לא-דזשי-נעט'-איק) ז. *phylogenic*.

phylogen'ic *a.* (פאי-לא-דזשענ'-איק) פילאגעניש, וואס איז שייך צו פילאגעניע. ז. *phylogeny*.

phylog'eny *n.* (פאי-לאדזש'-ע-ני) פילאגעניע [די געשיכטע פון ענטוויקלונג פון א גאנצען מין פון פלאנצונגען אדער חיות אין געגענזאץ צו אנטאגעניע, די ענטוויקלונגס=געשיכטע פון איין אינדיווידואום].

phys'alite *n.* (פיס'-ע-לאיט) דער פיזעליט [א מין טאפאז]. ז. *topaz*.

physe'ter *n.* (פאי-סי'-טער) א קאשאלאט [א זעהר גרויסער ים=פיש].

phys'ic *n. and v.* (פיז'-איק) די מעדיצין=לעהרע; די הייל=קונסט; א מעדיצין, א רפואה; אן אבפיהרונגס=מיטעל; קורירען; געבען מעדיצין; איינגעבען אדער איינגעהמען אן אבפיהרונגס=מיטעל; בעהאנדלען מיט א כעמישען מיטעל אבצורייניגען פון זייטיגע עלעמענטען [ווי דאס געברויכען אן אקסידירענדען מיטעל צו רייניגען אייזען פון פאספאר און שוועבעל].

phys'ical *a.* (פיז'-אי-קעל) פיזיש; קערפערליך; נאטירליך; פיזיקאליש, וואס איז שייך צו פיזיק אדער נאטור=וויסענשאפט.

phys'ical examina'tion (פיז'-אי-קעל עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א פיזישע אדער קערפערליכע אונטערזוכונג [אויב עס זיינען ניט פאראן קיין סמנים פון א קראנקהייט].

phys'ical force (פיז'-אי-קעל פאורס) פיזישע אדער קערפערליכע קראפט.

phys'ical geog'raphy (פיז'-אי-קעל דזשי-אג'-רע-פי) פיזיקאלישע געאגראפיע [דער טייל פון געאגראפיע וואס פערנעהמט זיך מיט דער בעשרייבונג פון די פיזיקאלישע ערשיינונגען, אייגענשאפטען און פארמען פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד].

phys'icalist *n.* (פיז'-אי-קעל-איסט) איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז דער מענשליכער גייסט אדער אינטעלעקט הענגט אב פון זיין קערפערליכען געבוי.

phys'ical laws (פיז'-אי-קעל לאהז) די נאטור=געזעצען.

phys'ically *adv.* (פיז'-אי-קעל-אי) אויף א פיזיקאלישען אדער פיזישען אופן [ניט גייסטיג אדער אינטעלעקטועל]; אין בעצוג צו פיזיק אדער נאטור=וויסענשאפט.

phys'icalness *n.* (פיז'-אי-קעל-נעס) דאס זיין פיזיקאליש אדער פיזיש.

phys'ical perfec'tion (פיז'-אי-קעל פויר-פעק'-שאן) קערפערליכע פאלקאמענהייט.

phys'ical sci'ences (פיז'-אי-קעל סאי'-ענ-סעז) די פיזיקאלישע וויסענשאפטען [די וויסענשאפטען איבער דער טויטער נאטור, ווי פיזיק, כעמיע, אסטראנאמיע, געאלאגיע א. ז. וו.].

phys'ical signs (פיז'-אי-קעל סאינז) פיזישע צייכענס פון א קראנקהייט [די סמנים פון א קראנקהייט וועלכע דער דאקטאר בעמערקט דירעקט פון דעם פיזישען צושטאנד פון קערפער].

physi'cian *n.* (פי-זיש'-ען) א דאקטאר, אן ארצט.

physi'ciancy *n.* (פי-זיש'-ענ-סי) די אנשטעלונג פון א דאקטאר; די שטעלע אדער אמט פון א דאקטאר.

physi'cian in or'dinary (פי-זיש'-ען אין אהר'-די-נער-אי) א לייב=ארצט.

physi'cianly *a.* (פי-זיש'-ענ-לי) דאקטאריש, כאראקטעריסטיש פאר א דאקטאר, וואס איז שייך צו א דאקטאר [ארצט].

physi'cianship *n.* (פי-זיש'-ענ-שיפ) דאס אמט אדער די שטעלע פון א דאקטאר.

phys'icist *n.* (פיז'-אי-סיסט) א געלעהרטער אין פיזיק אדער נאטור=וויסענשאפט, א נאטור=פילאזאף; איינער וואס שטרעבט צו ערקלערען דעם גרונד=פרינציפ פון לעבען בלויז דורך פיזיקאלישע און כעמישע געזעצען.

phys'icky *a.* (פיז'-אי-קי) ווי א מעדיצין, ווי א רפואה.

phys'ic-nut *n.* (פיז'-איק-נאט) דער פורגיר=נוס אדער אבפיהר=נוס [א געוויסער נוס וואס זיין אויל ווערט בענוצט אלס אבפיהר=מיטעל].

physicochem'ical *a.* (פיז-אי-קאו-קעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פיזיק און כעמיע; וואס איז פראדוצירט דורך דער פעראייניגונג פון פיזיקאלישע און כעמישע קרעפטען.

physicolog'ic *n.* (פיז-אי-קא-לאדזש'-איק) לאגיק וואס איז בעגרינדעט דורך פיזיק.

physicomathemat'ics *n.* (פיז-אי-קא-מעטה-אי-מעט'-איקס) די מאטהעמאטישע פיזיק.

physicomen'tal *a.* (פיז-אי-קא-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו פיזישע און גייסטיגע ערשיינונגען און זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען.

physicophilos'ophy *n.* (פיז-אי-קא-פי-לאס'-א-פי) די פילאזאפיע פון דער נאטור, פילאזאפיע בעגרינדעט אויף נאטור=וויסענשאפט.

physicotheol'ogy *n.* (פיז-אי-קא-טהי-אל'-א-דזשי) טעאלאגיע [רעליגיאנס=לעהרע] בעגרינדעט דורך נאטור=וויסענשאפט.

phys'ics *n.* (פיז'-איקס) פיזיק, נאטור=וויסענשאפט.

physioc'racy *n.* (פיז-אי-אק'-רע-סי) פיזיאקראטיזם, די עקאנאמישע לעהרע פון די פיזיאקראטען [די טעאריע, אז דאס רייכטום פון א נאציאן בעשטעהט בלויז אין לאנד און לאנד=פראדוקטען, אין געגענזאץ צו די מערקאנטיליסטען וואס האבען בעהויפטעט, אז דאס רייכטום פון א נאציאן בעשטעהט אין גאלד און אנדערע טייערע מעטאלען. אלס שלוס=פאלגערונג פון זייער לעהרע האבען די פיזיאקראטען געפאדערט, אז אלע הכנסות פון שטאאט דארפען גענומען ווערען פון לאנד דורך א דירעקטען שטייער וואס דארף ארויפגעלעגט ווערען אויף לאנד=אייגענטום און אז דער האנדעל דארף זיין פאלשטענדיג פריי. דיעזע טעאריע האט געהאט פיעל אנהענגער אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאהרהונדערט].

phys'iocrat *n.* (פיז'-אי-א-קרעט) א פיזיאקראט, אן אנהענגער פון פיזיאקראטיזם. ז. *physiocracy*.

physiocrat'ic *a.* (פיז-אי-א-קרעט'-איק) פיזיאקראטיש, וואס איז שייך צו די לעהרען פון די פיזיאקראטען. ז. *physiocracy*.

physioc'ratism *n.* (פיז-אי-אק'-רע-טיזם) ז. *physiocracy*.

physiogen'esis *n.* (פיז-אי-א-דזשענ'-ע-סים) ז. *physiogeny*.

physiogenet'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשי-נעט'-איק) ז. *physiogenic*.

physiogen'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשענ'-איק) פיזיאגעניש, וואס איז שייך צו פיזיאגעניע. ז. *physiogeny*.

physiog'eny *n.* (פיז-אי-אדזש'-ע-ני)

אין ביאלאגיע — די ענטוויקלונג פון די פונקציאנען פון לעבעדיגען שטאף; די וויסענשאפט אדער די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די פונקציאנען פון לעבעדיגען שטאף.

physiog'nomer *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מער) ז. *physiognomist*

physiognom'ic *a.* (פיז-אי-אג-נאמ'-איק) פיזיאגנאמיש; וואס איז שייך צו דער פיזיאגנאמיע אדער געזיכט; וואס איז שייך צו דער קונסט פון בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognom'ical *a.* (פיז-אי-אג-נאמ'-אי-קעל) ז. *physiognomic*

physiognom'ically *adv.* (פיז-אי-אג-נאמ'-אי-קעל-אי) לויט דער פיזיאגנאמיע; [די לויט די כללים פון חכמת הפרצוף קונסט צו דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע].

physiognom'ics *n.* (פיז-אי-אג-נאמ'-איקס) ז. *physiognomy*

physiog'nomist *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מיסט) א פיזיאגנאמיסט, א קענער פון חכמת הפרצוף, איינער וואס קען בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognomon'ic *a.* (פיז-אי-אג-נא-מאנ'-איק) ז. *physiognomic*

physiog'nomy *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מי) די פיזיאגנאמיע, די געזיכטסציגע, דאס געזיכט; חכמת הפרצוף, די קונסט צו דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע; דאס אלגעמיינע אויסערליכע אויסזעהן פון עפעס.

physiog'ony *n.* (פיז-אי-אג'-א-ני) די ענטשטעהונג פון דער נאטור.

physiograph'ic *a.* (פיז-אי-א-גרעפ'-איק) פיזיאגראפיש, נאטור-בעשרייבענד; וואס איז שייך צו פיזיקאלישער געאגראפיע. ז. *physical geography*

physiograph'ical *a.* (פיז-אי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *physiographic*

physiograph'ically *adv.* (פיז-אי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פיזיאגראפיע; פון א פיזיאגראפישען שטאנדפונקט. ז. *physiography*

physiog'raphy *n.* (פיז-אי-אג'-רע-פי) פיזיאגראפיע, די נאטור-בעשרייבונג, פיזיקאלישע געאגראפיע. ז. *physical geography*

physiol'atry *n.* (פיז-אי-אל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון די נאטור-קרעפטען.

physiol'oger *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשער) א נאטור-פילאזאף; איינער וואס זוכט צו ערקלערען דעם גרונד-פרינציפ פון לעבען בלויז דורך פיזיקאלישע און כעמישע געזעצען.

physiolog'ic *a.* (פיז-אי-א-לאדזש'-איק) פיזיאלאגיש, וואס איז שייך צו פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical *a.* (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *physiologic*

physiolog'ically *adv.* (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פיזיאלאגיע, לויט די פרינציפען פון פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical psychol'ogy (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל סאי-קאל'-א-דזשי) פיזיאלאגישע פסיכאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פיזיאלאגישע און פסיכאלאגישע ערשיינונגען אין זייערע נעגענזייטיגע בעציהונגען].

physiol'ogist *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשיסט) א פיזיאלאג, א קענער פון פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiol'ogize *v.* (פיז-אי-אל'-א-דזשאיז) בעטראכטען אדער דיסקוטירען לויט דער נאטור פון די זאכען.

physiol'ogy *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשי) פיזיאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די פונקציאנען פון קערפער פון לעבעדיגע בעשעפענישען].

physiomed'icalism *n.* (פיז-אי-א-מעד'-אי-קעל-איזם) די מעדיצינישע טעאריע, אז צום היילען זאלען געברויכט ווערען בלויז באטאנישע מיטלען [ווי גראזען, פלאנצען א. ד. ג.], אויסשליסענדיג די גיפטיגע.

physiophilos'ophy *n.* (פיז-אי-א-פי-לאס'-א-פי) נאטור-פילאזאפיע.

physios'ophy *n.* (פיז-אי-אס'-א-פי) די מיסטישע לעהרע וועגען די סודות פון דער נאטור.

physique' *n.* (פי-זיק') דער פיזישער געבוי פון א לעבעדיגער בעשעפעניש, בעזונדערס פון א מענשען.

He has developed a very fine **physique**.

phys'itheism *n.* (פיז'-אי-טהי-איזם) דאס צושרייבען צו גאט פיזישע און קערפערליכע פארמען.

phy'tiform *a.* (פאי'-טי-פארם) וואס איז עהנליך צו א פלאנצע.

phytiv'orous *a.* (פאי-טיוו'-א-ראס) וואס עסט פלאנצען אדער גראז.

phytobiol'ogy *n.* (פאי-טא-באי-אל'-א-דזשי) דער טייל פון ביאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט דעם לעבען פון פלאנצען.

phytochem'ical *a.* (פאי-טא-קעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פלאנצען-כעמיע.

phytochem'istry *n.* (פאי-טא-קעמ'-אים-טרי) פלאנצען-כעמיע [די כעמיע פון פלאנצען].

phytogen'esis *n.* (פאי-טא-דזשענ'-ע-סיס) ז. *phytogeny*

phytogenet'ic *a.* (פאי-טא-דזשי-נעט'-איק) פון דער אבשטאמונג פון פלאנצען; וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאנצען.

phytogenet'ical *a.* (פאי-טא-דזשי-נעט'-אי-קעל) ז. *phytogenetic*

phytog'eny *n.* (פאי-טאדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאנצען.

phytogeograph'ic *a.* (פאי-טא-דזשי-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער געאגראפישער פערשפרייטונג פון פלאנצען.

phytogeograph'ical *a.* (פאי-טא-דזשי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytogeographic*

phytogeog'raphy *n.* (פאי-טא-דזשי-אג'-רע-פי) די געאגראפישע פאנאנדערטיילונג פון פלאנצען.

phytog'rapher *n.* (פאי-טאג'-רע-פער) איינער וואס בעשרייבט און קלאסיפיצירט פלאנצען.

phytograph'ic *a.* (פאי-טא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו פלאנצען-בעשרייבונג.

phytograph'ical *a.* (פאי-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytographic*

phytog'raphy *n.* (פאי-טאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון פלאנצען.

phy'toid *a.* (פאי'-טאיד) פלאנצען-ארטיג, פלאנצען-פערמיג.

phy'tolite *n.* (פאי'-טא-לאיט) א פערשטיינערטע פלאנצע.

phytolithol'ogy *n.* (פאי-טא-לי-טהאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאנצען.

phytolog'ical *a.* (פאי-טא-לאדזש'-אי-קעל) באטאניש, וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען פלאנצען.

phytol'ogist *n.* (פאי-טאל'-א-דזשיסט) א באטאניקער, א קענער אין דער וויסענשאפט, וועלכע בעהאנדעלט פלאנצען.

phytol'ogy *n.* (פאי-טאל'-א-דזשי) באטאניק, פלאנצען-לעהרע.

phyton'omy *n.* (פאי-טאנ'-א-מי) די פיזיאלאגיע פון פלאנצען, די לעהרע און געזעצען וועגען דעם וואוקס פון פלאנצען.

phytopathol'ogy *n.* (פאי-טא-פע-טהאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען פלאנצען-קראנקהייטען.

phytoph'agan *a. and n.* (פאי-טאפ'-ע-גען) וואס עסט פלאנצען; א חיה וואס עסט פלאנצען.

phytoph'agous *a.* (פאי-טאפ'-ע-גאס) וואס עסט פלאנצען, וואס נעהרט זיך מיט פלאנצען.

phytoph'agy *n.* (פאי-טאפ'-ע-דזשי) די געוועהנהייט אדער די נאטור זיך צו נעהרען מיט פלאנצען.

phyto'sis *n.* (פאי-טאו'-סיס) דאס פערהאנדען זיין פון פלאנצען-פאראזיטען אדער די קראנקהייט וואס ווערט דורך זיי פערורזאכט צו פלאנצען.

phy'totaxy *n.* (פאי'-טא-טעק-סי) די וויסענשאפט וועגען דער קלאסיפיצירונג פון פלאנצען, סיסטעמאטישע באטאניק.

phytot'omy *n.* (פאי-טאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון פלאנצען, די צוגליעדערונג פון פלאנצען.

Phytozo'a *n.* (פאי-טא-זאו'-א) די פלאנצען-עהנליכע טהיערע [ווי די קאראלען, שוואמען א. ד. ג.].

phytozo'an *a. and n.* (פאי-טא-זאו'-ען) פלאנצען-עהנליך [וועגען טהיערע]; א פלאנצען-עהנליך חיה'לע.

phyz *n.* (פיז) ז. *phiz*

pi *n. and v.* (פאי) דרוק-שריפט וואס איז צוזאמענגעווארפען און אויסגעמישט אין אונארדנונג; צוזאמענווארפען דרוק-שריפט אין אונארדנונג.

pi'a *n.* (פאי'-א) ז. *pia mater*

piace'vole *a.* (פיע-טשיי'-וואו-לע) אין מוזיק — לעבעדיג, זיס-קלינגענד [בעצייכנענד ווי אזוי א געוויסע שטיק דארף געשפיעלט ווערען].

piac'ular *a.* (פאי-עק'-יו-לאר) פערגלעטענד אדער גוט-מאכענד [א זינד]; וואס איז מכפר; וואס פאדערט תשובה אדער חרטה: זינדיג; פערדארבען; פערברעכעריש.

piac'ulous *a.* (פאי-עק'-יו-לאס) ז. *piacular*

piaffe' *v.* (פי-עף') באלאנסירען מיט די פיס, שטאלץ טרעטען [וועגען א פערד].

piaf'fer *n.* (פי-עפ'-ער) דאס באלאנסירען, דאס שטאלץ טרעטען [פון א פערד].

pi'al *a.* (פאי'-על) וואס איז שייך צום דינעם הייטעל, וואס בעדעקט דעם מארך [פון קאפ און פון רוקען].

pi'a ma'ter (פאי'-א מיי'-טער) דאס דינע הייטעל וואס בעדעקט דעם מארך פון קאפ און פון רוקען.

piana'ta *n.* (פי-א-נא'-טא) א קליינע מאשין-פיאנא, אויף וועלכער מען שפיעלט אין די גאסען.

pianette' *n.* (פי-ע-נעט') א קליינע פיאנא.

piangen'do *a.* (פיענ-דזשענ'-דא) אין מוזיק — קלאגענד [אז אנווייזונג ווי אזוי צו שפיעלען א געוויסע שטיק].

piani'no *n.* (פי-ע-ני'-נאו) א פיאנינא, א פיאנא.

pian'ism *n.* (פי-ען'-איזם) דאס שפיעלען פיאנא.

pianis'simo *adv.* (פי-ע-נים'-אי-מאו) אין מוזיק — זעהר שוואך, זעהר שטיל.

pian'ist *n.* (פי-ען'-איסט) א פיאניסט, א קלאוויר-שפיעלער.

pia'no *a.* (פיא'-נאו) אין מוזיק — שוואך אדער שטיל.

pian'o *n.* (פי-ען'-או) א פארטעפיאן, א פיאנא.

pian'o-case *n.* (פי-ען'-או-קיים) דער הילצערנער קאסטען, אין וועלכען עס געפינט זיך דער מעכאניזם פון א פיאנא.

pian'o-cov'er *n.* (פי-ען'-או-קאוו'-ער) דאס ציכעל וואס בעדעקט א פיאנא.

pian'oforte *n.* (פי-ען'-או-פאורט) א פארטעפיאן.

pian'ograph *n.* (פי-ען'-א-גרעף) ז. *music-recorder*.

piano'la *n.* (פי-ע-נאו'-לא) א פיאנאלא [א פיאנא וואס קען אויך שפיעלען אויטאמאטיש].

pian'o-play'er *n.* (פי-ען'-או-פליי'-ער) א פיאנא-שפיעלער; א פארריכטונג צו ערמעגליכען פאר א פיאנא צו שפיעלען אויטאמאטיש.

pian'o-school *n.* (פי-ען'-או-סקוהל) א שוהל וואו מען לערענט שפיעלען פיאנא; א מעטאדע אדער סיסטעם פון שפיעלען פיאנא; דאס בוך פון אזא מעטאדע אדער סיסטעם.

pian'o-score *n.* (פי-ען'-או-סקאור) געשריבענע אדער געדרוקטע נאטען פאר זינגען מיט דעם אקאמפאנימענט פון א פיאנא.

pian'o-stool *n.* (פי-ען'-או-סטוהל) א ספעציעלער שטוהל צו זיצען ביים פיאנא בעת'ן שפיעלען.

pian'o-violin' *n.* (פי-ען'-או-וואי-א-לין') ז. *harmonichord*.

pias'saba *n.* (פי-עס'-ע-בא) ז. *piassava*.

pias'sava *n.* (פי-עס'-ע-ווא) די פיאסאווא [אזא זיד-אמעריקאנישע פאלמע, וואס פון איהרע בלעטער-פעדים אדער פאזערען ווערען געמאכט שטריק און בעזימער]; די פאזערען פון דיעזער פאלמע.

Piassava

pias'ter *n.* (פי-עס'-טער) א פיאסטער, א טערקישע זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 4½ אמעריקאנער סענט; א שפאנישער דאלאר.

pias'tre *n.* (פי-עס'-טער) ז. *piaster*.

piaz'za *n.* (פי-עז'-א) א זיילען-גאנג, א גאלערעע; א פיאזא, אן אפענער פלאץ אין א שטאדט ארומגערינגעלט מיט געביידען אדער זיילען.

pib'ble-pab'ble *n.* (פיב'ל-פעב'ל) פלוידעריי; דברים בטלים.

pi'broch *n.* (פי'-בראך) שאטלענדישע קריעגס-מוזיק.

pi'ca *n.* (פאי'-קא) ציצערא [א זארט דרוק-שריפט פון 12 פונקטען]; א סאראקע [א מין ראב]; אן אונגארמאלער אפעטיט, ווען דער מענש עסט אזעלכע זאכען ווי ליים, קויהלען א. ד. ג.

picador' *n.* (פיק-ע-דאור') א פיקאדאר [איינער פון די, וואס שטעכען און רייצען אויף אן אקס אלס אן אנפאנג פון אקסען-קאמפף אין א צירק].

pic'amar *n.* (פיק'-ע-מאר) דער ביטערער עסענץ פון טער.

pic'ard *n.* (פיק'-ארד) א מין שוך מיט הויכע קנאפעל, וועלכען מענער פלעגען טראגען אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט.

picaresque' *a.* (פיק-ע-רעסק') וואס בעשעפטיגט זיך מיט רויבער, גנבים אדער אוואנטוריסטען [וועגען ליטעראַרישע ווערק].

picaroon' *n.* (פיק-ע-רוהן') א פיראט, א ים-רויבער; א בעטריגער; אן אוואנטוריסט.

picayune' *n. and a.* (פיק-ע-יוהן') א קליינע מטבע; קליין; נישט ווירדיג.

picayu'nish *a.* (פיק-ע-יוה'-ניש) קליינליך, אונבעדייטענד, נישט ווירדיג.

pic'cage *n.* (פיק'-עדזש) דאס געצאהלט וואס וואנדערענדע אקטיארען פלעגען צאהלען פאר דער ערלויבניש אויפצושטעלען א ביהנע אויף א מארק אדער יריד.

pic'calilli *n.* (פיק'-ע-ליל-אי) א ראסעל פון געמישטע גרינסען, ווי אוגערקעס, ציבעלעס א. ז. וו.

pic'caninny *n.* (פיק'-ע-נינ-אי) ז. *pickaninny*.

piccheta'to *a.* (פיק-קע-טא'-טא) אין מוזיק — פיטשעטאטא, אבגעהאקט [וועגען די בעוועגונגען פון דעם בויגען אויף די סטרונעס פון א פידעל אדער פון אן ענליכען אינסטרומענט].

pic'colo *n.* (פיק'-א-לאו) דער פיקאלא, א קליינע פלייט [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

pice *n.* (פאיס) א קליינע קופערנע מטבע אין אסט-אינדיען [זי האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר ¾ פון אן אמעריקאנער סענט].

pi'ceous *a.* (פיש'-יאס) פעך-שווארץ; שווארץ מיט א שוואכער טונקעל-רויטער שאטירונג.

pichicia'go *n.* (פיטש-אי-סי-א'-גאו) אזא קליינע ארמאדילא אדער פאנצערטהיער. ז. *armadillo*.

pick *v. and n.* (פיק) פיקען, אויספיקען [א לאך]; אויסקלייבען, אויסוועהלען; אויסטיילען אדער אבטיילען פון עפעס; אברייסען; ארויסנעהמען עפעס בגנבה מיט די פינגער; ארויס'גנב'ענען פון טאש; פאנאנדערטיילען אדער פאנאנדערנעהמען עפעס מיט די פינגער אדער מיט א קליינעם אינסטרומענט; עפענען א שלאס אהן א שליסעל [מיט א קרוטשעק]; פליקען; רייסען [בלומען א. ז. וו.]; צופען; קלאפען אויף עפעס מיט א שטאכעל אדער מיט'ן שנאבעל; טשאמקען ביים עסען, קייען אהן אפעטיט; לאטכענען עפעס; אוועק'גנב'ענען; א שפיץ-האמער; אן אינסטרומענט צו האקען אדער גראבען; א פיקע, א קירקע; א קרוטשעק צו עפענען א שלאס אהן א שליסעל; די קוואנטיטעט פון אבגעשניטענע תבואות, וועלכע מען קלייבט אויף מיט די הענד אין א געוויסער צייט; אין דרוקעריי — פסלת אדער אונריינינקייטען וואס קלייבען זיך אן אויף דער דרוק-שריפט פון די וואלען נאך'ן דרוקען; דער בעסטער אויסוואהל; אן אבגעקליבענע זאך.

pick'aback *adv.* (פיק'-ע-בעק) טראגענדיג באראנטשיק; זיצענדיג רייטענד אויף די פלייצעס אדער אקסלען.

pick acquaint'ance (פיק ע-קהוויינט'-ענס) מאכען בעקאנטשאפט.

pick'aninny *n.* (פיק'-ע-נינ-אי) אן עופה'לע, א קליין קינד [בעזונדערס ביי די נעגערס].

pick'apack *adv.* (פיק'-ע-פעק) ז. *pickaback*.

pick a quar'rel (פיק ע קהוואר'-על) טשעפענען זיך, זוכען מחלוקות.

pick at (פיק עט) נאגען, טאטשען שטענדיג מיט שטראף-רייד.

She always picks at the child.

pick'ax *n.* (פיק'-עקס) ז. *pickaxe*.

pick'axe *n.* (פיק'-עקס) א קירקע, א שפיץ-האק.

Pickaxe

pick'back *adv.* (פיק'-בעק) אויף'ן רוקען; טראגענדיג באראנטשיק.

picked *a.* (פיקט) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען; אבגעריסען [פרוכט פון בוימער, בלומען פון שטעקעלעך א. ז. וו.]. געשפיצט; שטעכיג, בעדעקט מיט שטאכלען.

pick'ed *a.* (פיק'-עד) געשפיצט; שטעכיג, בעדעקט מיט שטאכלען.

pick'er *n.* (פיק'-ער) איינער וואס קלייבט עפעס אויף; אין דרוקערייען — אן ארבייטער וואס נעהמט ארונטער דעם אנגעקליבענעם שמוץ אויף די דרוק-פלאטען נאך'ן דרוקען; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו רייסען, פאנאנדערטיילען אדער אבקלייבען; א קעשעניק, א גנב.

pick'erel *n.* (פיק'-ע-רעל) א מין העכט.

Pickerel

pick'eridge *n.* (פיק'-ע-רידזש) א געשוויר אויף'ן רוקען פון פיה.

pick'et *n. and v.* (פיק'-עט) א שפיציגער פלאקען; א שטאקעט; א פעלדוואך [ביי מיליטער]; א פיקעט, א קליינער אטריאד סאלדאטען וואס ווערען ארויסגעשיקט אויסצוגעפינען די לאגע פון שונא; א גרופע שטרייקענדע ארבייטער וואס ווערען ארויסגעשיקט ניט צו לאזען דער שטרייק-ברעכער צו ארבייטען; אן ארט שטראף, וואס איז בעשטאנען אין דעם וואס מען פלעגט דעם בעשטראפטען שטעלען אויף איין פוס אויף א שפיציגען שטעקען; ארומצאמען מיט א

שטאקעט; שטעלען אויף דער וואך; צובינדען צו א פלאקען [ווי א פערד].

pick'et-fence' *n.* (פיק'-עט-פענס') א צאם פון פערשפיצטע פלעקער.

pick'et-guard *n.* (פיק'-עט-גארד) די פעלד=וואך [א וואך פון רייטענדע און פוס=סאלדאטען וועלכע דארפען זיין גרייט אין פאל פון א טרעוואגע].

pick fault (פיק פאהלט) זוכען חסרונות, טשעפען זיך צו קלייניגקייטען.

pick'ing *n.* (פיק'-אינג) דאס פיקען; דאס פליקען, דאס צופען; דאס אויסקלייבען, דאס אויסוועהלען; די פערענדיגונג פון געוועבטען שטאף דערמיט, וואס מען רייניגט עס אב פון די קניפלעך; דאס גנב'ענען, דאס לאטכענען; דאס אראבנעהמען די אנגעקליבענע שמוץ פון דרוק=פלאטען; א גוט דורכגעברענטער ציעגעל.

pick'ings *n.* (פיק'-אינגז) זאכען וואס מען קען אויפקלייבען אדער אויסקלייבען; צוריבענע מושלען פון אויסטערס, וועלכע מען בענוצט אין מאכען א שפאציער=וועג אדער אלעע.

pick'le *n. and v.* (פיקל) זאלץ=ראסעל; זאלץ=וואסער; גרינסען [אוגערקעס, ציבעלעס א. ד. ג.] איינגעזוייערטע אין עסיג; א זויערע אוגערקע; אן ארומגעצאמט שטיק לאנד; אן אונאנגענעהמע לאגע, א פערלעגנהייט; א ווילדער יונג, א קונדס, אן אונרוהיג קינד; איינזאלצען, איינזויערען אין עסיג, מארינירען.

pick'le-cured *a.* (פיק'ל-קיורד) איינגעזאלצען, איינגעזויערט, מארינירט.

pickled *a.* (פיקלד) איינגעזויערט אין עסיג.

pick'led cu'cumbers (פיקלד קיו'-קאמ-בערז) זויערע אוגערקעס.

pick'led rogue (פיקלד ראוג) א ביטערער יונג, א חברה=מאן, א באנדיט.

pick'le-her'ring *n.* (פיק'ל-הער'-אינג) א מארינירטער הערינג.

pick'le-manufac'turer *n.* (פיק'ל-מענ-יו-פעק'-טשור-ער) א פערלעגער פון שלעכט אויסגעשטאטעטע ווערק.

pick'le pic'tures (פיקל פיק'-טשורז) נאכמאכען אלטע בילדער און פערקויפען זיי אלס אריגינעלע.

pick'ling-tub *n.* (פיק'-לינג-טאב) א מאריניר=פאס, א ראסעל=פאס.

pick'lock *n.* (פיק'-לאק) א נאכגעמאכטער שליסעל פון א גנב; א קרומשיק צו עפענען שלעסער; א גנב וואס ברעכט אויף שלעסער; די בעסטע אויסגעקליבענע וואל.

pick'man *n.* (פיק'-מען) איינער וואס ארבייט מיט א קירקע אדער מיט א שפיץ=האמער.

pick'maw *n.* (פיק'-מאה) די שווארצקעפיגע אדער לאבענדע מעווע. ז. *gull*

pick'-me-up *n.* (פיק'-מי-אפ) אן אויפרעגענדער געטראנק.

pick'mire *n.* (פיק'-מאיר) ז. *pickmaw*

pick off (פיק אף) ציעלען זיך אויף איינעצען און טויטען אדער פערוואונדען איהם.

pick one's way (פיק הוואנז הוויי) אויסקלייבען דעם וועג, געהן זעהר פארזיכטיג.

pick out (פיק אוט) אויסשניידען, אויסהאקען, אויסרייסען; אויסגעפינען, ארויסנעהמען; אויסוועהלען, אויסקלייבען.

pick'pack *adv.* (פיק'-פעק) ז. *pickaback*

pick'penny *n.* (פיק'-פענ-אי) א קארגער יונג.

pick'pocket *n.* (פיק'-פאק-עט) א קעשעניק, א קעשענע=גנב, א בייטעל=שניידער; א מין ווילדעס מיסט=גראז מיט ווייסע בליטהען.

pick pock'ets (פיק פאק'-עטס) גנב'ענען פון די קעשענעס.

pick'-poin'ted *a.* (פיק'-פאינ'-טעד) וואס האט א שפיץ ווי פון א קירקע [ווען געוויסע האמערס און העק].

pick'purse *n.* (פיק'-פוירס) ז. *pickpocket*

pick'rell *n.* (פיק'-רעל) ז. *pickerel*

pick straws (פיק סטראהז) קלייבען שטרוי, אומזיסט בעמיהען זיך.

pick up (פיק אפ) אויפהויבען א זאך; זיך ערהויבען, אננעהמען זיך מיט מוטה: אויפקלייבען; פאנאנדערקלייבען איינציגווייז [ווי ביי פאנאנדערקעמען האר אדער פלאקס].

pick up informa'tion (פיק אפ אינ-פאר-מיי'-שאן) ערווערבען ידיעות אדער קענטניסע; אנזאמלען ביסלעכווייז אדער ביי געלעגענהייטען אינפארמאציאנען אדער קענטניסע.

pick'wick *n.* (פיק'-הוויק) אן אינסטרומענט אבצוקנייפען אנגעברענטע קנויטען פון די אלטפרענקישע נאכט=לאמפען; א שלעכטער ציגאר.

Pickwick'ian *a.* (פיק-הוויק'-אי-ען) וואס איז עהנליך צו פיקוויק'ען [דער העלד פון דיקענס'עס ראמאן "פיקוויק'ס פאפיערען"].

Pickwick'ian sense (פיק-הוויק'-אי-ען סענס) ניט קיין ריכטיגע, נאר א קינסטליך געדרעהטע, אויסגע'פשטל'טע בעדייטונג פון ווארט.

pic'nic *n. and v.* (פיק'-ניק) א פיקניק, א מאיאווקע [אן ארויספאהר פון א קאמפאניע מענשען אונטער דער שטאדט צו פערברייינגען אויף דער פרייער לופט]; א גוט שטיקעל צייט; עטוואס וואס עס קומט אן לייכט; ארויספאהרען אויף א פיקניק.

pic'nicker *n.* (פיק'-ניק-ער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פיקניק. ז. *picnic*

pic'nic par'ty (פיק'-ניק פאר'-טי) א פיקניק=געזעלשאפט, א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס צו אונטערהאלטען זיך אויף דער פרייער לופט.

picotee' *n.* (פיק-א-טיע') א מין גארטען=נעלקע. ז. *carnation*

pic'ric *a.* (פיק'-ריק) וואס איז שייך צו פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'ric ac'id (פיק'-ריק עס'-איד) פיקרין=זויערע [א כעמישער שטאף וואס ווערט געברויכט צו פארבען וואל אדער זייד אין א געלבען קאליר].

pic'rin *n.* (פיק'-רין) דאס פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'rolite *n.* (פיק'-רא-לאיט) דער פיקראליט [א מין גריגער מינעראל].

pic'romel *n.* (פיק'-רא-מעל) א ביטערער שטאף וואס בעקומט זיך פון גאל.

picros'mine *n.* (פיק-ראס'-מין) דער פיקראסמין [א מינעראל וואס לאזט פון זיך ארויס א ביטערען גערוך ווען מען בענעצט איהם].

Pict *n.* (פיקט) די פיקטען, א פארצייטיג קעלטיש פאלק אין קאלעדאניען [שאטלאנד], וואס פלעגט אפט אנפאלען אויף די רוימישע פראווינצען אין ענגלאנד.

Pic'tish *a.* (פיק'-טיש) פיקטיש, וואס איז שייך צו די פארצייטיגע פיקטען. ז. *Pict*

pic'tograph *n.* (פיק'-טא-גרעף) סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכנונגען וואס בעצייכנען א געוויסען געדאנק אדער אידעע. ז. *hieroglyph*

pictograph'ic *a.* (פיק-טא-גרעפ'-איק) בעצייכנענד געוויסע געדאנקען אדער אידעען מיט סימבאלען אדער היעראגליפישע צייכענס.

pictog'raphy *n.* (פיק-טאג'-רע-פי) דאס בעצייכנען געדאנקען און אידעען מיט סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכענס.

picto'rial *a.* (פיק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו בילדער אדער צייכנונגען; מאלעריש, בילדעריש; מיט בילדער, מיט אילוסטראציאנען.

picto'rially *adv.* (פיק-טאו'-רי-על-אי) אויף א מאלערישען, בילדערישען אדער אילוסטרירטען שטייגער.

pictor'ic *a.* (פיק-טאר'-איק) ז. *pictorial*

pictor'ical *a.* (פיק-טאר'-אי-קעל) ז. *pictorial*

pic'turable *a.* (פיק'-טשו-רעבל) וואס קען געמאלט ווערען, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד.

pic'tural *a.* (פיק'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו בילדער; וואס איז פארגעשטעלט דורך בילדער.

pic'ture *n. and v.* (פיק'-טשור) א בילד, אן אויסגעמאלטע זאך; א פארשטעלונג; א פארטרעט; פארשטעלען אין א בילד; מאלען; שילדערען.

pic'ture-book *n.* (פיק'-טשור-בוק) א בילדער=בוך; אן אילוסטרירטעס בוך.

pic'ture-dea'ler *n.* (פיק'-טשור-דיע'-לער) א בילדער=הענדלער.

pic'ture-draw'er *n.* (פיק'-טשור-דראה'-ער) א מאלער.

pic'ture-draw'ing *n.* (פיק'-טשור-דראה'-אינג) בילדער=מאלעריי.

pic'ture-frame *n.* (פיק'-טשור-פריים) א בילד=ראהם.

pic'ture-gal'lery *n.* (פיק'-טשור-געל'-ע-רי) א בילדער=גאלערעע, א בילדער=זאאל.

pic'ture-room *n.* (פיק'-טשור-רוהם) ז. *picture-gallery*

picturesque' *a.* (פיק-טשו-רעסק') מאלעריש, בילדעריש=שעהן, רייצענד, ראמאנטיש.

picturesque'ly *adv.* (פיק-טשו-רעסק'-לי) אויף א מאלערישען, שעהנעם, אנציהענדען אופן.

picturesque'ness *n.* (פיק-טשו-רעסק'-נעס) דאס זיין בילדעריש=שעהן; דאס זיין מאלעריש, אנציהענד.

pic'ture-wri'ting *n.* (פיק'-טשור-ראי'-טינג) דאס פארשטעלען געדאנקען און אידעען דורך בילדער און סימבאלישע צייכנונגען.

pic'ulet *n.* (פיק'-יו-לעט) א מין האלץ=פיקער [אזא פויגעל].

pid'dle *v.* (פידל) זיך בעשעפטיגען מיט קלייניגקייטען; לאזען אורין, פישען [א קינדישער אויסדרוק].

pid'dler *n.* (פיד'-לער) איינער וואס גיט זיך אב מיט קלייניגקייטען.

pid'dling *a.* (פיד'-לינג) וואס גיט זיך אב מיט קלייניגקייטען; קליין, אונבעדייטענד.

Pidg'in-Eng'lish *n.* (פידזש'-אינ-

אינג'-ליש) און ענגלישער זשארגאן וואס איז צוזאמענגעמישט מיט כינעזישע, פארטוגעזישע און מאלאאישע ווערטער. ווערט געברויכט אין די פארטען און האנדעלסשטעדט פון כינא און ווייטען מזרח.

pie *n.* (פאי) א פאשטעט [א טייג-געבעק געפילט מיט פרוכט]; טארט; א סאראקע, א קראהע [א מין פויגעל]; צומישטע דרוק-שריפט; די קלענסטע קופערנע מטבע אין ענגליש-אינדיען.

pie'bald *a.* (פאי'-באהלד) פערשיעדען-פארביג [וועגען דעם קאליר פון א פערד]; אויסגעמישט, פערשיעדענארטיג; פון פערשיעדענע מינים.

piece *n. and v.* (פיעס) א שטיק, א שטיקעל; אן אבגעבראכענער טייל, א ברעקעל; אן אבטיילונג; א מוסטער, א בילד פון עפעס; א מטבע; א ביקס; אן ארטיסטיש אדער ליטעראריש ווערק; א בעזונדער שטיקעל ארבייט; א שטיק לאנד; א פעשקע [אין שאך אדער דאמקעס-שפיעל]; פעראייניגען, צוזאמענבינדען; גאנץ מאכען; פערלאטען; פעררינכטען.

piece'-bro'ker *n.* (פיעס'-בראו'-קער) איינער וואס קויפט אויף ביי שניידער די רעשטלעך און אבפאל-שטיקלעך פון געוואנד.

pieced *a.* (פיעסט) פערלאטעט, גאנץ געמאכט; פעררינכטעט.

pièce de résistance' (פיעיס דע ריי-זיס-טאנס') דאס וויכטיגסטע שטיק, די הויפטזאך פון עפעס.

piece'-dyed *a.* (פיעס'-דאיד) געפארבט אין שטיק [וועגען צייג, וועלכע מען האט געפארבט שוין נאך'ן וועבען].

piece'-goods *n.* (פיעס'-גודז) שטיק-וואארע [צייג, וועלכע מען פערקויפט אין גאנצע געוועבטע שטיקער, ניט אבשניידענדיג פון זיי].

piece in (פיעס אין) איינזעצען, איינפאסען.

piece'less *a.* (פיעס'-לעס) ניט געמאכט פון בעזונדערע שטיקער; גאנץ, פון איין שטיק.

piece'meal *a. and adv.* (פיעס'-מיעל) אין שטיקער; פון בעזונדערע טיילען; שטיקלעכווייז, ביסלעכווייז; שטופענווייז.

piece of eight (פיעס אוו אייט) דער שפאנישער דאלאר [ענטהאלט 8 רעאלען].

piece out (פיעס אוט) אויסבילדען אדער פערלענגערען עפעס, צוגעבענדיג א שטיק צו א שטיק.

They found it hard to piece out the garment.

pie'cer *n.* (פיע'-סער) אין א שפינ-פאבריק — א איינגעל אדער מיידעל, וואס בינדט צונויף די פאנאנדערגעריסענע פאדים.

piece up (פיעס אפ) אויסלאטען, פעררינכטען; אויסבילדען עפעס פון צונויפגעלעגטע שטיקלעך.

peice'-work *n.* (פיעס'-הוואירק) שטיק-ארבייט.

piece'-wor'ker *n.* (פיעס'-הוואיר'-קער) א שטיק-ארבייטער [אן ארבייטער וואס בעקומט זיינע שכירות ניט פון טאג אדער וואך, נאר פון שטיק].

pie'-crust *n.* (פאי'-קראסט) די אויבערשטע פערהארטעוועטע קארקע [סקאריינקע] פון א פאשטעט.

pied *a.* (פאיד) פערשיעדען-פארביג, פערשיעדען-פארביג געפלעקט; געפלעקט.

pied'-fort' *n.* (פיעי'-פאהר') א פורעם אדער מאדעל פון א מטבע וואס איז דיקער ווי די געוועהנליכע מטבעות פון דעמזעלבען מין, וועלכע זיינען אין געברויך.

Piedmontese' *a. and n.* (פיעד-מאנ-טיעז') פיעמאנטעזיש, וואס איז שייך צו פיעמאנט [א געגענד אין איטאליען]; וואס איז שייך צו א געגענד ביי בערג; א פיעמאנטעזער.

pied'ness *n.* (פאיד'-נעס) פערשיעדען-פארביגקייט; געפלעקטקייט.

piedouche' *n.* (פיעי-דוהש') א לייסט, אן אונטערלאגס-שטיצע אין א וואנד אדער פעדעסטאל פאר א ביוסט, פאר אן ארנאמענט א. ז. וו.

piedroit' *n.* (פיעי-דרוא') אין ארכיטעקטור — א פיער-קאנטיגע קאלאנע אין פראנט פון א וואנד, וואס האט ניט אונטער זיך קיין פעדעסטאל.

pie'-finch *n.* (פאי'-פינטש) דער בוכ-פינק, זיאבליק [אזא זינג-פויגעל]. ז. **chaffinch**.

pie'-mag (פאי'-מעג) אן עלסטער, א סאראקע. ז. **magpie**.

pie'man *n.* (פאי'-מען) א בעקער אדער הענדלער פון פאשטעטען אדער פרוכט-קויכענס.

pie'-nan'ny *n.* (פאי'-נען'-אי) אן עלסטער, א סאראקע. ז. **magpie**.

pie'-plant *n.* (פאי'-פלענט) גארטען-רעבארבער [א מין זיסע פלאנצע וואס מען געברויכט אין פאשטעטען]. ז. **rhubarb**.

pie'poudre *n.* (פאי'-פאו-דער) ז. **piepowder**.

pie'powder *n.* (פאי'-פאו-דער) א פארצייטיגער מארק אדער יאריד-געריכט אין ענגלאנד [בלויז פאר קלאגען וואס האבען געהאט א שייכות מיט'ן יאריד].

pie'powdered *a.* (פאי'-פאו-דערד) מיט פערשטויבטע פיס.

pier *n.* (פיער) א האפען-וואנד, א האפען-דאמבע, א לאנדונגס-פלאץ; א זייל, א סלופ [אויף וועלכען מען הענגט אויף א טהיר, א שטיין-זייל ביי א בריק א. ז. וו.]; א פעררינכטונג פעסטצוהאלטען פיזיקאלישע אינסטרומענטען [אין לאבאראטאריעס און אבזערוואטאריעס]; א טייל פון א וואנד צווישען צוויי טהירען אדער צוויי פענסטער.

pier'age *n.* (פיער'-איידזש) דאם-געלד, האפען-געלד [אבצאהל פאר'ן רעכט זיך צו בענוצען מיט א האפען-דאמבע אדער לאנדונגס-פלאץ].

pierce *v.* (פיערס) 1. דורכשטעכען; דורכבויערען, דורכדרינגען; איינדרינגען; 2. דורכנעהמען, ריהרען, ארויסרופען געוויסע געפיהלען.

2. His speech pierced the heart of all who heard him.

pier'ceable *a.* (פיער'-סעבל) דורכדרינגליך, וואס קען דורכגעדרונגען ווערען אדער דורכגעשטאכען ווערען; וואס קען געריהרט ווערען [פון געפיהלען].

pierced *a.* (פיערסט) דורכגעשטאכען, דורכגעדרונגען; געלעכערט; געריהרט [פון געפיהלען].

pierced work (פיערסט הוואירק) בעפוצונגען אדער ארנאמענטען וואס דער מוסטער איז געמאכט אין אויסגעשטאכענע לעכלעך.

pier'cel *n.* (פיער'-סעל) א פעסעל-בויערער [אן אינסטרומענט צו מאכען לעכער אין פעסלעך].

pier'cer *n.* (פיער'-סער) אן איינדרינגער; א דורכבויערער, איינער וואס שטעכט דורך אדער בויערט דורך; אן אינסטרומענט צו בויערען אדער דורכשטעכען; א בויערער, א דריל; דער שטאכעל ביי אינזעקטען.

pier'cing *n. and a.* (פיער'-סינג) 1. דורכדרינגונג, דורכשטעכונג; דאס אויסזעגען א מוסטער אדער אוזאר אין מעטאל; 2. דורכשטעכענד; 3. דורכדרינגענד; שארף; 4. ריהרענד.

3. Piercing eyes. 4. A piercing cry.

pier'cingly *adv.* (פיער'-סינג-לי) שארף, דורכדרינגענד.

pier'cingness *n.* (פיער'-סינג-נעס) דורכדרינגליכקייט, שארפקייט.

pier'cing-saw *n.* (פיער'-סינג-סאה) א גאלדשמיד-זעגעל געברויכט ביים אויסזעגען מוסטערען אדער אוזארען אין גאלד און זילבער.

pier'-glass *n.* (פיער'-גלעס) א טריומא, א שפיגעל וואס פערנעהמט די גאנצע וואנד צווישען צוויי פענסטער.

pie'-rhu'barb *n.* (פאי'-רוה'-בארב) גארטען-רעבארבער. ז. **rhubarb**.

pier'-ta'ble *n.* (פיער'-טיי'-בל) א טיש וואס שטעהט צווישען צוויי פענסטער.

pi'et *n.* (פאי'-עט) אן עלסטער, א סאראקע. ז. **magpie**.

Pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם [די רעליגיעזע בעוועגונג פון 17טען יאהרהונדערט אין דייטשלאנד געגען דעם דאגמאטיזם פון דער לוטעראנישער קירכע. די שטרעבונג פון די פיעטיסטען איז געווען אריינצוברענגען אין דער קירכע מעהר לעבען, אויפהייבונג פון רעליגיעזען געפיהל און גאטספארכטיגקייט וואס קומט פון הארצען].

pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; צביעות, כלומר'שדיגע פרומקייט.

Pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט. ז. **Pietism**.

pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט, א פרומער, א גאטספארכטיגער.

Pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש. ז. **Pietism**.

pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש, פרום, גאטספארכטיג.

Pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. **Pietistic**.

pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. **pietistic**.

pi'ety *n.* (פאי'-ע-טי) 1. פיעטעט, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; 2. איבערגעבענהייט, ליעבע [צו עלטערען, צום פאטערלאנד א. ד. ג.]

2. Filial piety is a natural virtue.

piezom'eter *n.* (פאי-ע-זאמ'-ע-טער) א פליסיגקייטס-דרוק-מעסטער [אן אפאראט צו מעסטען אויף וויפיעל פערשיעדענע פליסיגקייטען קענען איינגעפרעסט ווערען].

pif'fero *n.* (פיפ'-ע-ראו) א מוזיקאלישער אינסטרומענט ענהליך צו א פלייט וואס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען אין איטאליען און טיראל.

pif'fle *v. and n.* (פיפל) טהאן עפעס פויל, פוילענצען; ריידען נארישקייטען; נארישקייטען; פלוידעריי.

All this talk is piffle.

pif'fler *n.* (פיפ'-לער) איינער וואס פערברענגט די צייט אין נארישקייטען; א פלוידערער.

pif'fling *a.* (פיפ'-לינג) אונוויכטיג; נאריש.

pig *n. and v.* (פיג) א חזיר [הויפטזעכליך א יונגער]; חזיר-פלייש; א בלאק, א שטיק מעטאל; א געוויכט פאר בליי

[פון 301 פונט]; געבעהרען חזירים’לעך; לעבען אדער האנדלען ווי חזירים.

pig’-deer *n.* (פיג’-דיער) דער הארן⸗שווין, דער ווילדער אסט⸗אינדישער חזיר. ז. ***horned hog***.

pig’eon *n. and v.* (פידזש’-אן) א טויב; א נאר; א תם, איינער וועמען עס איז לייכט צו בעשווינדלען; אבנארען, בעשווינדלען [הויפטזעכליך אין אזארטנע שפיעלען].

pig’eon-breast *n.* (פידזש’-אנ-ברעסט) א ברוסט פון א טויב; א טויבען⸗ברוסט [אוננארמאל ארויסגעבויגענע ברוסט⸗ביינער].

pig’eon-breas’ted *a.* (פידזש’-אנ-ברעס’-טעד) מיט אוננארמאל⸗ארויסגעבויגענע ברוסט⸗ביינער.

Pig’eon-Eng’lish *n.* (פידזש’-אנ-אינג’-ליש) ז. ***Pidgin-English***.

pig’eon-express’ *n.* (פידזש’-אנ-עקס-פרעס’) א טויבען⸗פאסט [בריעף געשיקט דורך טויבען].

pig’eon-fan’cier *n.* (פידזש’-אנ-פענ’-סי-ער) א טויבען⸗ציכטער, איינער וואס האלט אדער האדעוועט טויבען.

pig’eonfoot *n.* (פידזש’-אנ-פוט) גערא⸗ניום [א מין בלום].

pig’eon-goose *n.* (פידזש’-אנ-גוהס) אזא אויסטראלישע גאנז.

pig’eon-hawk *n.* (פידזש’-אנ-האהק) אזא קליינער פאלק⸗פויגעל [סאקאל].

pig’eon-hear’ted *a.* (פידזש’-אנ-האר’-טעד) שרעקעדיג.

pig’eonhole *n. and v.* (פידזש’-אנ-האול) 1. אן עפנונג אין א טויבען⸗שטיבעל; 2. אן אבטיילונג פאר בריעף [ווי אין א שרייב⸗טיש]; א פלאץ צום אוועקלעגען אין דער לאנגער באנק; 3. א לאך אין אן אויווען ארויסצולאזען די גאזען; א לאך אין דעם דעק פון א פארב⸗קעסעל; 4. אין דרוקעריי — א צו ווייטע פאנאנדערטיילונג פון ווערטער; אוועקלעגען אין א בריעף⸗אבטיילונג [ווי למשל, פון א שרייב⸗טיש]; אוועקלעגען אז א זייט, אבלעגען אויף שפעטער; פערשטופען אין א לאך, אוועקלעגען אין דער לאנגער באנק. 2. My application for the position is resting in a pigeonhole.

pistoleer' *n.* (פיס-טא-ליער') איינער וואס שיסט פון א פיסטאלעט; א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיסטאלעט.

pis'tolet *n.* (פיס'-טא-לעט) א קליינער פיסטאלעט.

pis'tol-shaped *a.* (פיס'-טאל-שייפט) וואס האט די פארם פון א פיסטאלעט אדער רעוואלווער.

pis'tol-shot *n.* (פיס'-טאל-שאט) דער שאס פון א רעוואלווער; דער מרחק וויפיעל עס קען דורכלויפען די קויל פון א רעוואלווער; איינער וואס שיסט מיט א רעוואלווער.

pis'ton *n.* (פיס'-טאן) דער קאלבען [דאס צילינדער=פערמיגע שטיק וואס בעוועגט זיך אין צילינדער פון א דאמפף=מאשין אדער פון א פומפ]; אין מוזיקאלישע בלאז=אינסטרומענטען — א ווענטיל אדער קלאפפע וואס ווערט אריינגעשטעלט אין אינסטרומענט, כדי צו ענדערען די הויכקייט אדער שטארקייט פון טאן.

P. Piston

pis'ton-head *n.* (פיס'-טאן-העד) דער קאלבען=קאפ, דער קאלבען. ז. *piston*.

pis'ton-pack'ing *n.* (פיס'-טאן-פעק'-אינג) דאס מאטעריאל [ווי רינגען פון קופער אדער פון ווייכע אייזען], מיט וועלכען מען לעגט ארום דעם קאלבען אום ער זאל זיין פעסט צוגעפאסט צו די ווענטלעך פון צילינדער.

pis'ton-pump *n.* (פיס'-טאן-פאמפ) א פומפ וואס בעשטעהט פון א רעהר, אין וועלכער עס בעוועגט זיך א קאלבען.

pis'ton-rod *n.* (פיס'-טאן-ראד) דער קאלבען=שטאנג [דער שטאנג וואס איז בעפעסטיגט צום קאלבען]. ז. *piston*.

pit *n.* and *v.* (פיט) א גרוב, א הויהל; א טיעפעניש, א פערטיעפונג; דער קבר; די שאול תחתיה, דער גיהנום; דער קאמפף=פלאץ אין העהנער=געפעכט; דער הינטערשטער טייל פון פארטער [אין אן ענגלישען טעאטער]; א פערטיעפונג אין קערפער; שטופלען אדער גריבעלעך אויף'ן פנים [פון פאקען=קראנקהייט]; דאס ביינדעל פון א פרוכט [ווי פון א קארש, פלוים א. ד. ג.]; אריינלעגען אדער אריינווארפען אין א גרוב; ווערען געשטופעלט; מאכען געשטופעלט; שטופלען דאס פנים [ווי פון פאקען]; איינריכטען דעם קאמפף אדער קאמפף=פלאץ [ווי אין א העהנער=קאמפף].

pi'ta *n.* (פי'-טא) דער אמעריקאנער אלאען=בוים; א מין פלאקס אדער פעדים פון די בלעטער פון דיעזען בוים [ווערט געברויכט צו מאכען שטריק, קאנאטען א. ד. ג.].

pit against' (פיט ע-גענסט') זיך אימעצען אנטקעגען שטעלען [אין א קאמפף].

The oriental nations will not dare to **pit** themselves **against** Europe.

pit and gal'lows (פיט ענד געל'-אוז) אין מיטעלאלטער — די פריווילעגיע וואס א קעניג פלעגט געבען צו א באראן צו בעשטראפען א גנב מיט'ן טויט [א מאנספערזאן — הענגען אויף דער תליה און א פרויענצימער — דערטרינקען אין א גרוב מיט וואסער].

pit'apat *n.*, *a.*, *v.* and *adv.* (פיט'-ע-פעט) דאס פלאטערען, דאס שנעלע קלאפען פון עפעס; א הארץ=קלאפעניש; ציטערענד, שנעל קלאפענד; פלאטערען, שנעל קלאפען; פלאטערענדיג, ציטערענדיג.

She was very excited; her heart was going **pitapat**.

pit'-box *n.* (פיט'-באקס) די פארטער=לאזשע, איינע פון די אונטערשטע לאזשען [אין א טעאטער].

pitch *v.* and *n.* (פיטש) ווארפען, שלייערען; איינעם עפעס צוווארפען; אריינשלאגען אדער אריינשטעקען עפעס אין דער ערד [ווי ביים אריינשלאגען א פלעקעל צו בעפעסטיגען עפעס]; שטעלען אין ארדנונג, איינריכטען; איינשטעלען דעם טאנארט פון א מוזיק=שטיק; אנגעבען דעם טאן [אין מוזיק]; אין בייסבאל=שפיעל — ווארפען דעם באל צום אבקלאפער; אראבפאלען אין דער נידער; געהן אדער פליהען אין דער ריכטונג ארונטער; אבשטעלען זיך אויף עפעס, אויסקלייבען; שוואנקען, זיך וויעגען, הויבען זיך ארויף און אראב [ווי א שיף אין ים]; אבזעצען זיך; לאגערען; בעשמירען אדער בעגיסען מיט פעך; פעכען; דער פלוג, דער העכסטער אדער טיעפסטער פונקט, צו וועלכען א זאך דערגעהט ביים פליהען אין דער הויך אדער ביים ארונטערלאזען זיך אונטען; דער עקסטרעמער פונקט; דער פונקט, וואו א געווארפענע זאך הויבט זיך אן אראבצובויגען בארג=אראב; אין א געביידע — די משופע'דיגקייט פון דאך; אין מעכאניק — די שטייגונג פון א שרויפען=גאנג [דאס שטיק וואס א שרויף דרעהט זיך אריין אדער דרעהט זיך ארוים דורך איין אומדרעהונג]; די שטרעקע צווישען די צענטערען פון די צייהנער אין א צאהן=ראד; אין מוזיק — די טאן=שטופע [די הויכקייט אדער טיעפקייט פון א טאן]; דער טאנארט; אין בייסבאל=שפיעל — דער ווארף פון באל; די הויכקייט ביז וועלכער א פאלק=פויגעל אדער סאקאל הויבט זיך אויף און פון וועלכער ער פאלט ארונטער אויף זיין רויב; פעך, סמאלע.

pitch a camp (פיטש ע קעמפ) אויפשטעלען א לאגער.

pitch and hus'tle (פיטש ענד האסל) אזא שפיעל, ביי וועלכען מען פיקט מטבעות.

pitch and pay (פיטש ענד פיי) צאהלען גלייך אויף'ן ארט; צאהלען במזומנים.

pitch'-and-toss' *n.* (פיטש'-ענד-טאס') א מין שפיעל, וואו די שפיעלער ווארפען מטבעות צו א געוויסען אנגעצייכענטען פונקט.

pitch a tent (פיטש ע טענט) אויפשטעלען א געצעלט [ווי אין לאגער].

pitch'-black *a.* (פיטש'-בלעק) פעך=שווארץ, שווארץ ווי פעך.

pitch'-blende *n.* (פיטש'-בלענד) פעך=בלענדע אדער אוראניום=פעך=ערץ [א מין מעטאל וואס געפינט זיך אין פעכיג=שווארצע ערד=מאסען].

pitch'-board *n.* (פיטש'-באורד) א פארריכטונג צו בעשטימען די אויסבויגונג פון טרעפ.

pitch'-boat *n.* (פיטש'-באוט) א שיפעל, אויף וועלכען מען שמעלצט פעך אויסצופעכען א גרויסע שיף.

pitch but'tons (פיטש באטנז) שפיעלען אין גריבלעך מיט קנעפלעך.

pitch'-chain *n.* (פיטש'-טשיין) א ראד=קייט, א קייט פון מעטאלענע פלאטען צו בעוועגען א ראד.

pitch'-coal *n.* (פיטש'-קאול) דער גאגאט אדער שווארצער בורשטין [א הארטער גלאנציגער שטיין=קויהל, פון וועלכען מען מאכט בראסלעטען, אויערינגלעך, בראשען א. ד. ג.].

pitch'-dark *a.* (פיטש'-דארק) שטאק=פינסטער.

pitched *a.* (פיטשט) אלץ צוגעגרייט פון פריהער, פלאנמעסיג, לויט'ן רעגעל; משופע'דיג; געניינגט בארג=אראב.

pitched bat'tle (פיטשט בעטל) א שלאכט, וואו די סאלדאטען פון די פיינדליכע ארמעען שטויסען זיך צונויף אין א האנד=געפעכט.

The enemy was routed in a **pitched battle**.

pitched roof (פיטשט רוהף) א משופע'דיגער דאך.

pitched work (פיטשט הוואירק) א וואנד פון ניט געטעסעטע שטיינער וואס ווערען געלעגט ניט אין א געוויסער ארדנונג, נאר אזוי אז זיי זאלען זיך בלויז צונויפפאסען.

pitch'er *n.* (פיטש'-ער) א קרוג; אין באל=שפיעל — דער באל=ווארפער; איינער וואס ווארפט היי אויף א וואגען.

pitch'er-mold *n.* (פיטש'-ער-מאולד) א מין פורעם, פון וועלכען מען גיסט אויס זעהר דעליקאטע ליימענע כלים. ז. *pitcher-molding*.

pitch'er-mol'ding *n.* (פיטש'-ער-מאול'-דינג) דאס גיסען אין א קרוג=פורעם [דאס מאכען דעליקאטע פאיאנס=כלים דערמיט, וואס מען גיסט אריין שי=

טערע ליים אין פורעם און מען גיסט עס אויס צוריק. פון דיעזער אפעראציאן, וועלכע ווערט איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, בלייבט אויף די ווענטלעך פון פורעם א דינער שיכט פון ליים. דיעזער שיכט נעהמט זיך אראב און ער טריקענט זיך אויס].

pitch'er-plant *n.* (פיטש'-ער-פלענט) די קרוג-פלאנצע [א פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער וויקלען זיך צונויף אין דער פארם פון א קרוג]. ז. *Nepenthes*.

Pitcher-plant

pitch'er's box (פיטש'-ערז באקס) אין באל-שפיעל — דאס פלאץ, וואו עס שטעהט דער באל-ווארפער.

pitch'ers have ears (פיטש'-ערז העוו איערז) ווענד האבען אויערען, אימעצער קען נאך אונטערהערען.

pitch'er-vase *n.* (פיטש'-ער-וויים) א קרוג-עהנליכע וואזע.

pitch'-far'thing *n.* (פיטש'-פאר'-טהינג) ז. *chuck-farthing*.

pitch'fork *n. and v.* (פיטש'-פאהרק) א היי-גאפעל, א ווילע; א קאמערטאן; ווארפען היי מיט א היי-גאפעל אדער ווילע; אנווארפען, צוזאמענווארפען אין א קופע; א שליידער טהאן, א ווארף טהאן.

pitch in (פיטש אין) זיך אנהויבען; ענערגיש א נעהם טהאן צו עפעס.
Let us all **pitch in** and finish the job.

pitch'iness *n.* (פיטש'-אי-נעס) דאס זיין פעך-שווארץ; שווארצקייט; טיעפע דונקעלקייט.

pitch'ing *n.* (פיטש'-אינג) דאס ווארפען, דאס שליידערען; דאס אויסלעגען א ברעג מיט שטיינער, כדי דאס וואסער זאל איהם ניט אונטערשווייקען; אין ביער-ברויערייען — דאס צוגעבען ביער-הייוועז צו פרישען ניט געאיהרטען ביער.

pitch'ing-machine' *n.* (פיטש'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס ווערט געברויכט אין ביער-ברויערייען אויסצופעכען פון אינווענינג די פעסער.

pitch'ing-pence *n.* (פיטש'-אינג-פענם) מארק-געלד, אבצאהל פאר דעם רעכט צו האנדלען אין מארק [אין ענגלאנד].

pitch'ing-piece *n.* (פיטש'-אינג-פיעם) דער טרעפען-ריעגעל [דער באלקען אויף וועלכען די טרעפ זיינען בעפעסטיגט].

pitch'ing-sta'ble *n.* (פיטש'-אינג-סטיי'בל) א מין גראניט-שטיין [ווערט געברויכט צום ברוקירען].

pitch'ing-tem'perature *n.* (פיטש'-אינג-טעמ'-פער-ע-טשור) די טעמפעראטור פון ניט-געאיהרטען ביער, ווען מען גיט צו איהם צו הייוועז.

pitch in'to (פיטש אינ'-טו) 1. אטאקירען אין א דעבאטע; 2. אנפאלען אויף אימעצען; אנברעכען די ביינער.
1. The debaters **pitched into** the argument.
2. The gangster **pitched into** the stranger.

pitch'-ket'tle *n.* (פיטש'-קעט'ל) ז. *pitch-pot*.

pitch'-la'dle *n.* (פיטש'-ליידל) א פעך-לעפעל [א לעפעל צום שעפען צולאזענע פעך].

pitch on (פיטש אן) זיך אויף אימעצען ארויפווארפען.

pitch'-ore *n.* (פיטש'-אור) ז. *pitch-blende*.

pitch'-pine *n.* (פיטש'-פאין) די פעך-פיכטע, די פעך-טאנע [א זעהר פעכיגער זארט סאסנע אדער עגלע].

Pitch-pine

pitch'-pipe *n.* (פיטש'-פאיפ) אין מוזיק — א קליין פייפעל, מיט וועלכען מען גיט אן דעם טאן.

pitch'-plas'ter *n.* (פיטש'-פלעס'-טער) פעך-פלאסטער.

pitch'-pol'isher *n.* (פיטש'-פאל'-איש-ער) אן אינסטרומענט צו שלייפען געבויגענע פלעכען [ווי למשל, לינזען].

pitch'-pot *n.* (פיטש'-פאט) א פעך-טאפ [א טאפ צום קאכען פעך אדער סמאלע].

pitch'stone *n.* (פיטש'-סטאון) פעך-שטיין [א מין פערהארטעוועטער שווארצער שטיין וואס איז עהנליך צו פעך].

pitch'-tree *n.* (פיטש'-טריע) ז. *kauri*.

pitch up (פיטש אפ) ווארפען אין דער הויך.

pitch'-wheel *n.* (פיטש'-הוויעל) איינער פון צוויי צאהן-רעדער, וועלכע ארבייטען צוזאמען.

pitch'-work *n.* (פיטש'-הוואירק) ארבייט אין א מעטאל-גרוב אונטער דער בעדינגונג, אז די ארבייטער קריעגען א טייל פון דער פראדוקציאן אנשטאט א בעשטימטען לוין.

pitch'y *a.* (פיטש'-אי) פעכיג; פעך-שווארץ, דונקעל; איינגעשמירט אין פעך.

pit'-coal *n.* (פיט'-קאול) שטיין-קויהל.

pit'eous *a.* (פיט'-אי-אס) וואס רופט ארוים רחמנות; וואס פערדיענט מיטלייד; ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eously *adv.* (פיט'-אי-אס-לי) ארויסרופענדיג רחמנות; פערדיענענדיג מיטלייד; יאמערליך, ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eousness *n.* (פיט'-אי-אס-נעס) דאס זיין ארעמזעליג אדער קלעגליך; דאס האבען מיטלייד אדער רחמנות.

pit'fall *n.* (פיט'-פאהל) א פאל-גרוב [א פערדעקטע גרוב וואס ווערט געמאכט אז חיות זאלען אין איהר ארייגפאלען אום זיי צו פאנגען]; א בעהאלטענע געפאהר.

pith *n.* (פיטה) דאס הארץ פון פלאנצען; דער אינווענייגסטער קערן פון א האר; דאס הערצעל פון א פעדער; דער רוקען-מארך; דער קערן, דער עיקר; דער תוך, דער קווינטעסענץ; קראפט; ענערגיע; מאכט; וויכטיגקייט.

pith'ily *adv.* (פיטה'-אי-לי) אויף א קרעפטיגען אופן; מיט קראפט, מיט מאכט; ענערגיש.

pith'iness *n.* (פיטה'-אי-נעס) שטארקייט, קרעפטיגקייט; מאכט, ענערגיע.

pith'less *a.* (פיטה'-לעס) קראפטלאז; שוואך.

pit'hole *n.* (פיט'-האול) א גריבעל; א גריבעל וואס בלייבט פון א פאק.

pith'os *n.* (פיטה'-אס) אזא גרויסע הויכע ליימענע וואזע אין אלט-גריכענלאנד, וועלכע פלעגט בענוצט ווערען צו האלטען תבואה, וויין א. ז. וו. און אויך צו בעגראבען אין איהר א טויטען.

pith'some *a.* (פיטה'-סאם) שטארק, קרעפטיג.

pith'-work *n.* (פיטה'-הוואירק) זאכען געמאכט פון דעם הארץ פון געוויסע ביימער.

pith'y *a.* (פיטה'-אי) 1. מארכיג; קרעפטיג, שטארק; ענערגיש; אינהאלטסרייך, קורץ און שארף; 2. וואס בעשטעהט פון דעם הארץ-שטאף פון פלאנצען.
1. As a public speaker he is noted for his many **pithy** sayings.

pit'iable *a.* (פיט'-אי-עבל) בעדויערנסווערטה; מיטליידסווערטה; יאמערליך, ערבארמליך.
The sight of the beggars was **pitiable**.

pit'iableness *n.* (פיט'-אי-עבל-נעס) ערבארמליכקייט, א רחמנות'דיגער אדער בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iably *adv.* (פיט'-אי-ע-בלי) אויף א בעדויערנסווערטהען אופן; מיטליידסווערטה.

pit'ier *n.* (פיט'-אי-ער) איינער וואס האט מיטלייד.

pit'iful *a.* (פיט'-אי-פול) מיטליידספאל; יאמערליך, קלעגליך, ערבארמליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifully *adv.* (פיט'-אי-פול-אי) דערוועקענדיג מיטלייד אדער בעדויערען; מיט מיטלייד, מיט בעדויערען; יאמערליך, קלעגליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifulness *n.* (פיט'-אי-פול-נעס) ערבארמליכקייט; יאמערליקייט; קלעגליכקייט; א בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iless *a.* (פיט'-אי-לעס) אהן מיטלייד, אונבארמהערציג, אהן רחמנות; וואס דערוועקט ניט קיין מיטלייד.

pit'ilessly *adv.* (פיט'-אי-לעס-לי) ניט דערוועקענדיג קיין מיטלייד; אונבארמהערציג.

pit'ilessness *n.* (פיט'-אי-לעס-נעס) אונבארמהערציגקייט; מיטליידסלאזיגקייט; דאס ניט קענען דערוועקען קיין מיטלייד.

pit'man *n.* (פיט'-מען) א גרובען-ארבייטער [אן ארבייטער וואס טהוט אן ארבייט אין א שאכטע]; אין מעכאניק — א פערבינדונגס-שטאנג צו איבערגעבען אדער צו איבערנעהמען א בעוועגונג.

pit'man-coup'ling *n.* (פיט'-מען-

קאפ'-לינג) די פערבינדונגס=פארריכטונג
פון א פערבינדונגס=שטאנג מיט דעם טייל
פון דער מאשין צו וועלכען ער גיט אי=
בער אדער פון וועלכען ער נעהמט איבער
די בעוועגונג.

pit'man-press *n.* (פיט'-מען-פרעס) א
פרעס וואס ווערט בעטריבען דורך א פער=
בינדונגס=שטאנג אנשטאט דורך אן עקס=
צענטריק.

pit'pan *n.* (פיט'-פען) אזא גאנץ לאנגעס,
שמאלעס און פלאכעס שיפעל מיט שפיצי=
גע ענדען [אין צענטראל=אמעריקא].

pit'pat *adv. and n.* (פיט'-פעט) דאס
פלאטערען, דאס שנעלע קלאפען פון עפעס,
א הארץ=קלאפעניש; פלאטערענדיג, ציטע=
רענדיג, שנעל קלאפענדיג [ווי דאס הארץ,
למשל].

pit'-saw *n.* (פיט'-סאה) א שראט=זעג [אזא לאנ=
גע זעג, וועלכע ווערט בע=
נוצט צו זעגען קלעצער.
עס זעגען מיט איהר צוויי
ארבייטער, איינער שטעהט
איבער'ן קלאץ און ציהט
די זעג ארויף און דער
אנדערער שטעהט אונטער'ן
קלאץ און ציהט די זעג
אראב. אפט ווערט דאס
זעגען איינגעריכטעט אי=
בער א גרוב און דער אר=
בייטער וואס ציהט די זעג
אראב שטעהט אין גרוב].

Pit-saw

pit'-saw'er *n.* (פיט'-סאה'-ער) דער גרובען=
זעגער [דער זעגער וואס
שטעהט אונטער'ן קלאץ].
ז. *pit-saw*.

pit'tacal *n.* (פיט'-ע-קעל) אזא בלויער
שטאף וואס ווערט בענוצט אלס פארב
[ווערט פראדוצירט פון דעם טער פון א
געוויסען בוים].

pit'tance *n.* (פיט'-ענס) א פארציע
[שפייז]; א חלק; א קליינער טייל; א
קליינע נדבה [פון געלד, שפייז א. ד. ג.].

pit'tancer *n.* (פיט'-ען-סער) דער
שפייז=מייסטער אין א קלויסטער וועלכער
טיילט אויס שפייז=פארציעס אדער נדבות
צו ארימע אין געוויסע בעשטימטע ימים
טובים.

pit'ted *a.* (פיט'-עד) געשטופעלט [ווי
פון פאקען]; מיט גריבלעך.

pit'ter *n.* (פיט'-ער) איינער וואס נעהמט
ארויס די ביינדלעך [קערלעך] פון פרוכ=
טען; א מאשין ארויסצונעהמען די ביינד=
לעך פון פלוימען, פערסיקעס און ענלי=
כע פרוכטען.

pit'ting *n.* (פיט'-אינג) דאס גראבען
אדער מאכען א גרוב; דאס אריינלעגען אין
א גראב; א גריבעל [ווי פון פאקען];
א רייה גריבעלעך אדער פאקען=סמנים;
דאס בעדעקט .ווערען מיט גריבעלעך און
פערטיעפונגען [ווי למשל, דער דעק פון
א שיף אדער דער אינוועניגסטער טייל
פון א דאמפף=קעסעל].

pitui'ta *n.* (פיט-יו-אי'-טא) שליים,
ליחה.

pit'uitary *a.* (פיט'-יו-אי-טע-רי) וואס
גיט ארויס שליים אדער ליחה; שליימיג.

pit'uite *n.* (פיט'-יו-איט) ז. *pituita*.

pitui'tous *a.* (פיט-יו-אי'-טאס)
ז. *pituitary*.

pit'-vi'per *n.* (פיט'-וואי'-פער) אזא
גיפטיגע שלאנג [ווערט אזוי גערופען וויל
זי האט א גריבעל צווישען די אויגען און
נאז]; א שלאנג פון דעם מין קלאפער=
שלאנגען [ז. *rattlesnake*].

pit'-wood *n.* (פיט'-הוואוד) האלץ וואס
ווערט בענוצט אין גרובען, שאכטען א.
ד. ג.

pit'-work *n.* (פיט'-הוואירק) די פומפען=
סיסטעם מיט די געהעריגע פערבינדונגס=
שטאנגען אין א שאכטע אדער מינע.

pit'y *n. and v.* (פיט'-אי) 1. מיטלייד,
רחמנות; 2. עטוואס וואס רופט ארויס
בעדויערען, א שאד; 3. האבען מיטלייד.
2. It is a pity you could not meet me at the appointed time.

pit'yingly *adv.* (פיט'-אי-אינג-לי)
ארויסווייזענדיג מיטלייד.

pityri'asis *n.* (פיט-אי-ראי'-ע-סיס) אזא
הויט=קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט
שיילט זיך אין קלייען=פערמיגע שופען.

pit'yroid *a.* (פיט'-אי-ראיד) ווי קלייען,
קלייען=פערמיג.

piv'ot *n. and v.* (פיוו'-אט) א צאפען,
א שטיפט, אן אקס ארום וועלכען עטוואס
דרעהט זיך; דער פונקט ארום וועלכען
דער גאנצער ענין דרעהט זיך; דער פונקט
פון וועלכען אלעס הענגט אב; אין מילי=
טער=מושטירונג — דער אפיציער אדער
סאלדאט ארום וועלכען עס דרעהט זיך א
ליניע סאלדאטען; ארויפשטעלען אויף א
צאפען אדער שטיפט; זיך דרעהען ארום
א צאפען אדער שטיפט.

piv'otal *a.* (פיווו'-אט-על) ארום וואס
עס דרעהט זיך; פון וואס דער גאנצער
ענין הענגט אב.
In American politics, New York is the pivotal state.

piv'otally *adv.* (פיווו'-אט-על-אי) מיט
דער הילף פון א צאפען אדער שטיפט.

piv'ot-gun *n.* (פיווו'-אט-גאן) א האר=
מאט אויף אזא ראהם=שטענדער דורך וועל=
כען מען קען איהם דרעהען אין פערשיע=
דענע ריכטונגען.

piv'oting *n.* (פיווו'-אט-אינג) דאס אריינ=
שטעלען א שטיפט=צאהן [א קינסטליכער
צאהן אדער צאהן=קרוינדעל מיט א שטיפט,
וועלכער ווערט אריינגעשטעלט אין דעם
ווארצעל פון דעם נאטירליכען צאהן].

piv'ot-man *n.* (פיווו'-אט-מען) אין מי=
ליטער=מושטירונג — דער אפיציער אדער
סאלדאט ארום וועלכען עס דרעהט זיך א
גאנצע ליניע סאלדאטען.

piv'ot-tooth *n.* (פיווו'-אט-טוהטה) א
שטיפט=צאהן. ז. *pivoting*.

pix'y *n.* (פיק'-סי) א פעע [איינע פון
די איבערנאטירליכע וועזענס אין פרויען=
געשטאלטען, וועלכע — לויט דעם גלויבען
פון די פאלקס=מאסען — טאנצען ביי נאכט
אין די פעלדער און די וועלדער].

pix'y-led *a.* (פיק'-סי-לעד) פערפיהרט
פון פעען [איבערנאטירליכע פאנטאסטי=
שע בעשעפענישען אין פרויען=געשטאלט];
צוטומעלט, צומישט.

pix'y-stool *n.* (פיק'-סי-סטוהל) א שווע=
מעל.

pizzica'to *a.* (פיט-סי-קא'-טא) פיטשיקא=
טא [דאס פיקען מיט די פינגער איבער
די סטרונעס פון שטרייך=אינסטרומענטען].

piz'zle *n.* (פיזל) דאס מענליכע גע=
שלעכטס=גליעד ביי חיות.

pk. אן אבקירצונג פון *peck* אדער פון *park*

pkg. אן אבקירצונג פון *package*

pl. אן אבקירצונג פון *plural*

placabil'ity *n.* (פליי-קע-ביל'-אי-טי)
פערגעבליכקייט, די נאטור זיך צו לאזען
לייכט איבערבעטען.

pla'cable *a.* (פליי'-קעבל) וואס קען
לייכט איבערגעבעטען ווערען.

pla'cableness *n.* (פליי'-קעבל-נעס)
ז. *placability*.

pla'cably *adv.* (פליי'-קע-בלי) פערגעב=
ליך, פערצייהליך; לאזענדיג זיך לייכט
איבערבעטען.

plac'ard *n. and v.* (פלעק'-ארד) א פלא=
קאט, אן אפישע; א יארליק; אויסהענגען
פלאקאטען; לאזען וויסען דורך אפישען.

pla'cate *v.* (פליי'-קייט) איבערבעטען,
בערוהיגען; "פערשטאפען דאס מויל".
It was all but impossible to placate him.

placa'tion *n.* (פלע-קיי'-שאן) איבער=
בעטונג; עטוואס וואס רופט ארויס מחילה
אדער פערצייהונג.

place *n. and v.* (פלייס) א פלאץ, אן
ארט; רוים; לאגע, וואהנארט; א פריצי=
שער הויף; א פעסטונג; א שטעלע; אן
אמט; געזעלשאפטליכע שטעלונג; דאס
זיין פראמינענטער, העכער אין ראנג אדער
וויכטיגקייט; גרונד, אורזאכע; גיבען א
פלאץ, שטעלען, לעגען, זעצען; אויסשטע=
לען אין ארדנונג; גיבען א שטעלע אדער
בעשעפטיגונג; איינלעגען [געלד אין א
געשעפט].

place'bo *n.* (פלע-סיע'-באו) א רפואה
וואס מען גיט דעם חולה נים צו היילען
נאר צו בערוהיגען איהם; א תפלה פאר
די טויטע [ביי די קאטויליקען].

place'-brick *n.* (פלייס'-בריק) א ניט
גוט דורכגעברענטער ציגעל.

place'-bro'ker *n.* (פליים'-בראו'-קער)
איינער וואס האנדעלט מיט קהל'שע עמ=
טער, איינער וואס ציהט פערזענליכע נו=
צען פון אויסטיילען קהל'שע עמטער.

place'-hol'der *n.* (פליים'-האול'-דער)
א בעאמטער; אן אנגעשטעלטער.

place'-hun'ter *n.* (פליים'-האנ'-טער)
איינער וואס יאגט זיך נאך קהל'שע שטע=
לען.

place'less *a.* (פליים'-לעס) אהן א שטע=
לע, אהן אן אמט.

place'man *n.* (פליים'-מען) א בעאמטער;
א רעגירונגס=בעאמטער; אן אנגעשטעל=
טער.

place'monger *n.* (פליים'-מאנ-גער)
ז. *place-broker*.

place'-name *n.* (פליים'-ניים) א נאמען
פון אן ארט, פלאץ אדער געגענד.

placen'ta *n.* (פלי-סענ'-טא) די פלא=
צענטא [דער ארט, די איינהילונג, אין
וועלכער דאס קינד געפינט זיך אין דער
מוטער'ס בויך און וועלכע געהט ארויס
נאך דער געבורט; דאס הייטעל, אין וועל=
כען עס געפינען זיך די קערנדלעך פון א
פלאנצע].

placen'tal *a. and n.* (פלע-סענ'-טעל)
וואס איז שייך צו דער פלאצענטא אדער
צום ארט; וואס קומט פון דער פלאצענטא
אדער פארמירט די פלאצענטא; וואס האט
א פלאצענטא; א בעשעפעניש מיט א פלא=
צענטא. ז. *placenta*.

placenta'lian *n. and a.* (פלעס-ען-
טיי'-לי-ען) א בעשעפעניש וואס פערמאגט
א פלאצענטא; וואס איז שייך צו אזא
בעשעפעניש. ז. *placenta*.

plac'entary *a. and n.* (פלעס'-ען-טע-
רי) וואס איז שייך צו דער פלאצענטא
אדער צום ארט; וואס איז שייך צו די
בעשעפענישען וואס האבען פלאצענטאס;
א בעשעפעניש וואס האט א פלאצענטא;
אין באטאניק — א פלאצענטא מיט פיעל
קערנדלעך. ז. *placenta*.

placenti'tis *n.* (פלעס-ען-טאַי'-טיס) ענטצינדונג פון דער פלאַצענטאַ [אַרט]. ז. *placenta*

pla'cer *n.* (פליי'-סער) איינער וואָס שטעלט, לעגט אַדער זעצט; דאָס אָרט וואו מען וואַשט גאָלד־שטיינער.

pla'cet *n.* (פליי'-סעט) אַ סאַנקציע, אַן ערלויבניס, אַן אַבשטימונג אין דער פערוואַלטונג פון אַן אוניווערזיטעט; אַ שטימע אויף יאָ.

plac'id *a.* (פלעס'-איד) רוהיג, געלאַסען, מילד, זאַנפט.

Her placid features attracted us.

placid'ity *n.* (פלע-סיד'-אי-טי) רוהיגקייט, געלאַסענקייט, מילדקייט, זאַנפטקייט.

plac'idly *adv.* (פלעס'-איד-לי) מיט רוהיגקייט אַדער געלאַסענקייט; אויף אַ מילדען, זאַנפטען אופן.

plac'idness *n.* (פלעס'-איד-נעס) ז. *placidity*

plack *n.* (פלעק) אַ פאַרצייטיגע קליינע קופערנע שאָטלענדישע מטבע [אונגעפעהר צוויי־דריטעל פון אַן אַמעריקאַנישען סענט].

plack'et *n.* (פלעק'-עט) דער אויבערשטער שפּאַלט פון אַ פרויען־קלייד [דער ראַספּאַר]; אַן אונטער־ראָק, אַ ספּאָדניצע; אַ פרוי.

plack'et-hole *n.* (פלעק'-עט-האָול) דער אויבערשטער שפּאַלט אין אַ פרויען־קלייד, דער ראַספּאַר.

plac'oderm *a. and n.* (פלעק'-אָ-דוירם) ז. *placoid*

plac'oid *a. and n.* (פלעק'-איד) עהנליך צו אַ פּלאַטע אַדער ברעטעל [בנוגע צו די שופּען פון געוויסע פיש, ווי למשל, האַי־פיש]; וואָס האָט פּלאַטען־עהנליכע שופּען [וועגען פיש]; אַ פיש מיט פּלאַטען־עהנליכע שופּען [לוסקעס].

pladaro'ma *n.* (פלעד-ע-ראָו'-מאַ) ז. *pladarosis*

pladaro'sis *n.* (פלעד-ע-ראָו'-סיס) אַן אַנוואוקס, אַ באָראַדעווקע אויף'ן אויגען־לעדעל.

pladaro'tis *n.* (פלעד-ע-ראָו'-טיס) ז. *pladarosis*

plafond' *n.* (פלע-פאָנד') דער פּלאַפאָנד [אַ געמאָלטע סטעליע].

pla'ga *n.* (פליי'-גאַ) אַ פאַרב־שטרייף — אין זאָלאָגיע.

pla'gate *a.* (פליי'-גייט) געשטרייפט.

pla'giarise *v.* (פליי'-דזשי-ע-ראַיז) ז. *plagiarize*

pla'giarism *n.* (פליי'-דזשי-ע-ריזם) פּלאַגיאַט, ליטעראַרישע גנבה, דאָס אויסגעבען פאַר אייגענע פרעמדע ליטעראַרישע אַדער קונסט־ווערק, דאָס בענוצען זיך מיט פרעמדע געדאַנקען פאַר ליטעראַרישע און קונסט־ווערק.

pla'giarist *n.* (פליי'-דזשי-ע-ריסט) אַ פּלאַגיאַטאָר, אַ געדאַנקען־גנב, אַ ליטעראַרישער גנב, איינער וואָס גיט אַרויס פרעמדע ליטעראַרישע און קונסט־ווערק אַלס אייגענע אַדער בענוצט זיך מיט פרעמדע געדאַנקען פאַר אַזעלכע ווערק.

pla'giarize *v.* (פליי'-דזשי-ע-ראַיז) בעגעהן אַ פּלאַגיאַט אַדער ליטעראַרישע גנבה. ז. *plagiarism*

pla'giary *n. and a.* (פליי'-דזשי-ע-רי) אַ פּלאַגיאַטאָר; וואָס בעגעהט אַ פּלאַגיאַט. ז. *plagiarism*

plagihe'dral *a.* (פליי-דזשי-הי'-דרעל) מיט אַ שיעפער פלעכע [וועגען קריסטאַלען].

pla'gionite *n.* (פליי'-דזשי-אָ-נאַיט) דער פּלאַגיאָניט [אַ שוועבעל־פערבינדונג פון אַנטימאָן און בליי].

pla'giostome *n.* (פליי'-דזשי-אָ-סטאָום) אַ געוויסער מין פיש, ביי וועלכע דאָס מויל איז ברייט און אַביסעל קרום [ווי די פערשיעדענע זאָרטען האַי־פיש].

pla'gium *n.* (פליי'-דזשי-אַם) דאָס גנב'ענען מענשען.

plague *n. and v.* (פלייג) אַ פּלאָג; אַ פּעסט, אַ מגפה; אַנשטעקען מיט פּעסט; פּלאָגען, קוועלען, פּייניגען.

plague'-boil *n.* (פלייג'-באָיל) ז. *plague-sore*

plague'-mark *n.* (פלייג'-מאַרק) ז. *plague-spot*

pla'guer *n.* (פליי'-גער) אַ פּלאָגער, אַ פּייניגער, אַ קוועלער.

plague'-sore *n.* (פלייג'-סאָור) אַ פּעסט־געשוויר, אַן אויסשלאָג אויף דעם לייב וואָס קומט פון אַ מגפה־קראַנקהייט אַדער סתם פון אַ מיאוס'ער, אַנשטעקענדער קראַנקהייט.

plague'-spot *n.* (פלייג'-ספּאָט) אַ פּעסט־פלעק, אַ צייכען אויף'ן לייב וואָס קומט פון אַ מגפה־קראַנקהייט אַדער סתם פון אַן אַנשטעקענדער, מיאוס'ער קראַנקהייט; אַ טייל פון קערפּער וואָס איז הויפּטזעכליך אַנגעשטעקט מיט אַ מיאוס'ער, אַנשטעקענדער קראַנקהייט.

plague upon' you (פלייג אַ-פּאָן' יו) אַ כאָלעריע! אַ מגפה אויף אייך! אַ פּלאָג אויף אייך!

pla'guily *adv.* (פליי'-גי-לי) פּלאָגענדיג; קוועלענדיג, פּייניגענדיג; אונגעהייער, זעהר; שרעקליך.

pla'guy *a. and adv.* (פליי'-גי) פּלאָגענד, קוועלענד, פּייניגענד; אונגעהייער, שרעקליך, פערפלוכט.

plaice *n.* (פלייס) דער פּלאַטוס אַדער פּלאַטעסע [אַ מין ברייטער פּלאַטשיגער ים־פיש וואָס געפינט זיך אַרום ענגלאַנד. ז. איל.]; אַ פּלאַנדערקע, אַ פּלאַך־פיש.



Plaice

plaid *n. and a.* (פלייד) אַ פּלעד, אַ מין שאָטלענדישער געקעסטעלטער מאַנטעל אַדער שאַל וואָס ווערט געטראָגען אַלס מאַנטעל; אַ רייזע־דעקע; אַ געקעסטעלטער וואָלען־שטאָף; אַ געקעסטעלטער מוסטער אַדער אוזאָר; געקעסטעלט [הויפּטזעכליך וועגען געוועבטע שטאָפען].

plaid'ed *a.* (פלייד'-עד) וואָס טראָגט אַ פּלעד; געמאַכט פון דעם שטאָף פון וועלכען מען מאַכט געוועהנליך שאָטלענדישע פּלעדען; געקעסטעלט [וועגען געוועבטע שטאָפען]. ז. *plaid*

plaid'en *n.* (פלייד'-ען) ז. *plaiding*

plaid'ing *n.* (פלייד'-אינג) דאָס צייג פון אַ פּלעד; אַזאַ פּלאַנעל־אַרטיגעס וואָל־צייג; אַ געקעסטעלטער מוסטער אַדער אוזאָר. ז. *plaid*

plain *a., adv., n. and v.* (פליין) גלייך, גלאַט, גראָד, פּלאַך; פּשוט; אָפען, אָפענהערציג, אָהן חכמות, אָהן המצאות; קלאָר, דייטליך; געוועהנליך; איינפאַך; אָהן קאַלירען, אָהן מוסטערען, אָהן צאַצקעס, אָהן בעפּוצונגען; אַ פּלעכע; אַ פּלאַך שטיקלאַנד; אַ שלאַכטפעלד; אַ פּלאַץ אַרומגערינגעלט מיט הייזער; מאַכען קלאָר און דייטליך, ערקלערען; בעוויינען, בעקלאָגען; טרויערען.

plai'nant *n.* (פליי'-נענט) ז. *plaintiff*

plain as a pike'staff (פליין עז ע פּאַיק'-סטעף) גאַנץ פּשוט, קלאָר ווי דער טאָג.

plain'backs *n.* (פליין'-בעקס) באָמבאַזין־שטאָף [אַזאַ לייכטער וואָלענער אַדער זיידענער שטאָף].

plain'-chant *n.* (פליין'-טשענט) ז. *plain-song*

plain clothes (פליין קלאָוטהז) ציוויל־קליידער [ניט קיין אוניפאָרם־קליידער].

plain clothes man (פליין קלאָוטהז מען) אַ פּאָליציי־בעאַמטער וואָס געהט אַנגעטהאָן אין ציוויל־קליידער [ניט אין אַן אוניפאָרם].

plain'-dea'ler *n.* (פליין'-דיע'-לער) אַן אָפענהערציגער אַדער עהרליכער מענש.

plain'-dea'ling *a. and n.* (פליין'-דיע'-לינג) אָפען, אָפענהערציג, עהרליך; אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט.

plain Eng'lish (פליין אינג'-ליש) קלאָרע דבורים, דייטליך.

plain'-hear'ted *a.* (פליין'-האַר'-טעד) אָפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'-hear'tedness *n.* (פליין'-האַר'-טעד-נעס) אָפענהערציגקייט, אויפריכטיגקייט.

plai'ning *n.* (פליי'-נינג) טרויער, יאָמער, געוויין.

plain'ly *adv.* (פליין'-לי) איינפאַך; פּשוט; אָהן צאַצקעס, אָהן בעפּוצונגען; דייטליך, קלאָר; אָפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'ness *n.* (פליין'-נעס) גלייכקייט, גראָדקייט, פּלאַכקייט [פון אַן אָרט]; איינפאַכקייט; פּשוט'קייט; דייטליכקייט.

plain sail'ing (פליין סייל'-אינג) אַ לייכטע, אונגעשטערטע רייזע אויף'ן וואַסער; דאָס געהן גוט און אונגעשטערט [אין וועלכער ניט איז אונטערנעהמונג].

plain'-song *n.* (פליין'-סאָהנג) דער גרעגאָריאַנישער קירכען־געזאַנג, אַן איינפאַכער איין־טאָניגער געזאַנג, ווי אין די קריסטליכע קירכען אין די אַלטע צייטען; קלאָרע, אָפענע דבורים.

plain'-spea'king *n.* (פליין'-ספּיע'-קינג) אויפריכטיגקייט און אָפענהערציגקייט פון רעדען; אַן אויפריכטיגע, אָפענהערציגע רעדע.

plain'-spo'ken *a.* (פליין'-ספּאָו'-קן) וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויפריכטיג אַדער אָפענהערציג.

plaint *n.* (פליינט) אַ געריכטליכע קלאָגע; דאָס בעקלאָגען זיך, דאָס קלאָגען; אַ טרויעריגער אַדער ערנסטער געזאַנג.

plaint'ful *a.* (פליינט'-פול) קלאָגענד, זיך קלאָגענד; אַנקלאָגענד.

plain'tiff *n.* (פליינ'-טיף) אַ קלעגער, אַן אַנקלאָגער.

plain'tive *a.* (פליינ'-טיוו) קלאָגענד; יאָמערענד; טרויעריג.

plain'tively *adv.* (פליינ'-טיוו-לי) אויף אַ קלאָגענדען אַדער יאָמערענדען אופן; טרויעריג, קלעגליך.

plain'tiveness *n.* (פליינ'-טיוו-נעס) קלעגליכקייט, קומער, טרויער, יאָמער.

plaint'less *a.* (פליינט'-לעס) קלאַגלאָז, אָהן קלאָג.

plain truth (פלײן טרוהטה) דער רײנער אמת.

plain′-work *n.* (פלײנ′-הוואירק) דאס אײנפאכע נעהען [אין געגענזאץ צו שטי= קערײ].

plait *n. and v.* (פלײט) א פאלב, א פאלט, א פלעכט, א צאפ; פאלבען, מא= כען פאלטען; פלעכטען; פילצעווען.

plai′ted *a.* (פלײ′-טעד) 1. געפאלבט, געפאלטעוועט; מיט פעלבלעך; 2. גע= פלאכטען.

1. He bought a shirt with a **plaited** bosom.

plai′ter *n.* (פלײ′-טער) א פאלבען=מא= כער; א געצײג צו מאכען פאלבען [פאל= טען]; א פלעכטער.

plai′ting *n.* (פלײ′-טינג) דאס מאכען פאלבען [פאלטען]; פלעכט=ארבײט; אין היט=פאבריקאציאן — דאס פילצעווען.

plai′ting-machine′ *n.* (פלײ′-טינג-מע-שין′) א פאלב=מאשין, א מאשין צו מאכען פאלבען [פאלטען] אין צײג.

plan *n. and v.* (פלען) א פלאן, א פרא= יעקט; א פלאן=צײכנונג, א גרונד=ריס צײכנונג [א צײכנונג וואס ווערט געמאכט פון א געבײדע, פון א מאשין א. ד. ג. אין א האריזאנטאלען שניט, ד. ה. אין דער לאגע ווי מען קוקט פון אויבען]; מאכען א פלאן; פראיעקטירען; צײכנען א פלאן; פלאנעווען.

pla′nar *a.* (פלײ′-נאר) פלאך; וואס גע= פינט זיך אויף א פלעכע.

pla′nary *a.* (פלײ′-נע-רי) ז. *planar*

pla′nate *a.* (פלײ′-נײט) פלאך, אײנגע= פלעטשט [וועגען אינזעקטען].

planch *n.* (פלענטש) אזא פלאכע פאד= קאווע פאר א מויל=עזעל; א געברענטע ציעגעל=פלאטע וואס ווערט בענוצט אונ= טערצוהיצען ליימענע כלים, ווען זײ ווע= רען געברענט אין אויווען און עמאלירט.

plan′chet *n.* (פלענ′-טשעט) א מינץ= פלאטע [א שטיקעל מעטאל וואס איז פערפערטיגט אויסצוקלאפען דערפון א מטבע].

planchette′ *n.* (פלענ-טשעט′) א ווינ= קעל=מעסטער [ז. *circumferentor*]; א פלאנקע, א ברעט; אזא קלײן ברעטעל אויף פיסלעך מיט רעדלעך, צו וועלכען עס איז בעפעסטיגט א בלײשטיפט, וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען פון די ספי= ריטיסטען. מען האט געגלויבט, אז ווען אײ= נער אדער מעהרערע פערזאנען לעגען לײכט ארויף זײערע פינגער אויף'ן ברעטעל, פאנגט עס זיך אן בעוועגען און דער בלײ= שטיפט פערשרײבט ווערטער און זעצע אונאבהענגיג פון דעם ווילען פון די פער= זאנען, וועלכע האלטען זײערע פינגער אויף'ן ברעטעל.

plane *n., a. and v.* (פלײן) אן עבענע, א פלעכע; א פלאכקײט; אן ענטוויקלונגס= גראד; א הובעל; דער פלאטאנע=בוים [אזא קלײנער אמעריקאנער בוים, וועל= כער וואקסט אין פײכטע געגענדען. זײן האלץ איז העל=ברוין און הארט]; פלאך; וואס האט א פלאכע אויבערפלעכע; וואס ליעגט אין א פלעכע אדער עבענע; הובע= לען; גלאט מאכען.

Plane

plane an′gle (פלײן ענגל) א גלײכער אדער גראד=ליניגער ווינקעל.

plane′-bit *n.* (פלײנ′-ביט) דאס הובעל= אײזען [פון א הובעל].

plane geom′etry (פלײן דזשי-אמ′-ע- טרי) פלאנימעטריע [דער טײל פון געא= מעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דער מעסטונג און בעשרײבונג פון פלעכען].

plane′-guide *n.* (פלײנ′-גאיד) א הובעל= פיהרער [אזא פאררכטונג צו א הובעל, אז ער זאל געפיהרט ווערען גראד, ווען מען דארף הובלען שרעגע ענדען פון ברע= טער].

plane′-i′ron *n.* (פלײנ′-אי′-ערן) דאס הובעל=אײזען.

plane′ness *n.* (פלײנ′-נעס) דאס האבען אדער זײן א פלעכע אדער עבענע; פלאכ= קײט.

plane of projec′tion (פלײן אוו פרא- דזשעק′-שאן) ז. *perspective plane*

plane of the pic′ture (פלײן אוו טהי פיק′-טשור) ז. *perspective plane*

plane′-plane *a.* (פלײנ′-פלײן) וואס האט צוויי פלעכען וועלכע זײנען פארא= לעל אײנע צו דער אנדערער.

pla′ner *n.* (פלײ′-נער) א הובעל, א הובעל=אינסטרומענט; אין דרוקערײ — אזא קלעצעל מיט וועלכען מען גלײכט אוים דעם זאץ.

plane′-sail′ing *n.* (פלײנ′-סײל′-אינג) דאס בעשטימען די לאגע פון א שיף, ניט רעכענענדיג זיך בײ דער אויסרעכנונג מיט דער רונדקײט פון דער ערד.

plane′-stock *n.* (פלײנ′-סטאק) דאס געשטעל פון הובעל [דאס האלץ=שטיק אין וועלכען דאס הובעל=אײזען ווערט ארײנ= געשטעלט].

plane survey′ing (פלײן סויר-ווײ′- אינג) פעלד=מעסטונג, דאס מעסטען לאנד= שטרעקען אלס א גראדע פלעכע [ניט נעהמענדיג אין בעטראכט די רונדקײט פון דער ערד].

plan′et *n.* (פלענ′-עט) א פלאנעט, א וואנדער=שטערן.

plane′-ta′ble *n. and v.* (פלײנ′- טײ′בל) א מעסט=טיש [אן אינסטרומענט פון פעלד=מעסטער, וועלכער בעשטעהט פון א טישעל אויף דרײ פיס, וואס מען קען דרעהען און בויגען אין פערשיעדענע ריכ= טונגען]; א משופע'דיגער טיש אדער ברעט וואס ווערט בענוצט אין מעטאל= גרובען, אויף וועלכען דאס ערץ [רויה= מעטאל] ווערט געלעגט; מעסטען פעלד מיט א מעסט=טיש.

plane′-ta′bling *n.* (פלײנ′-טײ′-בלינג) דאס בענוצען בײם פעלד=מעסטען א מעסט= טיש. ז. *plane-table*

planeta′rium *n.* (פלענ-ע-טײ′-רי-אם) א פלאנעטאריום, אן אסטראנאמישע מא= שין, וועלכע צײגט, דורך די בעוועגונגען פון איהרע טײלען, דעם פלאנעטען=גאנג.

plan′etary *a.* (פלענ′-ע-טע-רי) וואס איז שײך צו א פלאנעט אדער פלאנעטען; וואס האט דעם כאראקטער פון א פלא= נעט; וואנדערענד [ווי א פלאנעט]; אין אסטראלאגיע — וואס איז אונטער דעם אײנפלוס פון א פלאנעט.

plan′etary days (פלענ′-ע-טע-רי דײז) די זיבען וואכען=טעג ווי זײ זײנען גע= ווען אײנגעטײלט לויט דער צאהל פלא= נעטען, וועלכע זײנען געווען בעוואוסט אין דער אלטער אסטראנאמיע, און יעדער טאג האט געטראגען דעם נאמען פון זײן פלאנעט [ווי זונטאג — דער טאג פון דער זון, מאנטאג — דער טאג פון דער לבנה א. ד. ג.].

plan′etary years (פלענ′-ע-טע-רי יײרז) די פלאנעטען=יאהרען [דער משך צײט וואס עס נעהמט בײ די פלאנעטען ארומצודרעהען זיך ארום דער זון].

planet′ic *a.* (פלע-נעט′-איק) פלאנע= טיש, וואס איז שײך אדער איז ענליך צו א פלאנעט.

planet′ical *a.* (פלע-נעט′-אי-קעל) ז. *planetic*

plan′etoid *n.* (פלענ′-עט-איד) דער פלאנעטאאיד [אײנער פון די עטליכע הונדערט קלײנע פלאנעטען, וועלכע בע= וועגען זיך ארום דער זון צווישען די שטערען מארס און יופיטער].

planetoi′dal *a.* (פלענ-ע-טאי′-דעל) וואס איז שײך צו א פלאנעטאאיד. ז. *planetoid*

plane′-tree *n.* (פלײנ′-טריע) דער פלא= טאנע=בוים [אזא קלײנער אמעריקאנער בוים וואס וואקסט אין פײכטע געגענדען. זײן האלץ איז העל=ברוין און הארט].

Plane-tree

plan′et-strick′en *a.* (פלענ′-עט- סטריק′ן) ז. *planet-struck*

plan′et-struck *a.* (פלענ′-עט-סטראק) ערשטוינט, פערגאפט; געטראפען פון שלים= מזל.

plan′etule *n.* (פלענ′-עט-יול) א קלײ= נער פלאנעט.

plan′et-wheel *n.* (פלענ′-עט-הוויעל) א צאהן=ראד וועלכער דרעהט זיך ארום א צווײטען צאהן=ראד אין דעם וועג פון אן עפיציקלום [א קרײז וואס זײן מיטעל= פונקט בעוועגט זיך אויף דער פעריפעריע פון אן אנדער קרײז].

plan′gent *a.* (פלענ′-דזשענט) שאלענד, קלאפענד, רוישענד.

planifo′lious *a.* (פלע-ני-פאו′-לי-אס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלע= טער.

pla′niform *a.* (פלײ′-ני-פארם) אין אנאטאמיע — בײ וועלכען דער אויבער= שטער טײל איז פלאך [וועגען בײנער פון קערפער, וועלכע זײנען פלאך אין די פונקטען, וואו זײ פערבינדען זיך מיט אנדערע בײנער].

plan′igraph *n.* (פלענ′-אי-גרעף) אן אינסטרומענט צו פערקלענערען אדער פער= גרעסערען צײכנונגען.

planim′eter *n.* (פלע-נימ′-ע-טער) א פלאנימעטער, אן אינסטרומענט אויסצו= מעסטען דעם שטח פון א פלעכע [ווערט געברויכט פון אינזשינערען און צײכנער אויסצומעסטען צײכען=פלענער].

planimet′ric *a.* (פלענ-אי-מעט′-ריק)

וואס איז שייך צו פלאנימעטריע אדער צו דער מעסטונג פון א פלעכע.

planimet'rical *a.* (פלען-אי-מעט'-רי-קעל) ז. *planimetric*

planim'etry *n.* (פלע-נימ'-עט-רי) פלאנימעטריע [די קונסט צו מעסטען פלאכע ערטער; דער טייל פון געאמעטריע, וואו עס ווערט געלערענט וועגען גלאטע אויבערפלעכען].

pla'ning-bench *n.* (פליי'-נינג-בענטש) די הובעל=באנק [ביי א סטאליער].

pla'ning-machine' *n.* (פליי'-נינג-מע-שין') די הובעל=מאשין, א מאשין צו הובלען האלץ אדער מעטאל.

pla'ning-mill *n.* (פליי'-נינג-מיל) א ווערקשטאט אדער פאבריק וואו מען הובעלט ברעטער; א הובעל=מאשין.

planipet'alous *a.* (פליי-ני-פעט'-ע-לאס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלומען=בלעטלעך.

planiros'tral *a.* (פליי-ני-ראס'-טרעל) וואס האט א ברייטען און פלאכען שנא=בעל.

plan'ish *v.* (פלענ'-איש) מאכען גלאט, מאכען גלאנציג; פאלירען.

plan'isher *n.* (פלענ'-איש-ער) איינער וואס מאכט גלאט אדער גלאנציג; א פא=לירער.

plan'ishing-ham'mer *n.* (פלענ'-איש-אינג-העמ'-ער) א האמער וואס ווערט בענוצט צו מאכען גלאט א מעטאלענע פלא=טע אדער כלי.

plan'isphere *n.* (פלענ'-אי-ספיר) די פלאניספערע, א קוגעל אדער האלב=קוגעל וואס איז געצייכענט אין דער פארם פון א פלאך=רונדער קארטע; די קארטע פון דעם ערדישען אדער הימלישען האלב=קו=געל.

planispher'ic *a.* (פלען-אי-ספער'-איק) פלאניספעריש, ווי א פלאניספערע. ז. *planisphere*

plank *n. and v.* (פלענק) 1. א פלאנ=קע, א דיק ברעט; עפעס וואס האלט אויף אדער אונטערשטיצט; 2. איינער פון די פונקטען אדער פאראגראפען, וועלכע בילדען אוים דאס פראגראם פון א פאליטי=שער אדער אנדערער פארטיי; 3. בעשלא=גען אדער בעדעקען מיט פלאנקען אדער דיקע ברעטער; 4. עפעס ארויפלעגען [ווי אויף א טיש אדער ברעט]; 5. צושפאל=טען א פיש און אבבאקען איהם אויף א ברעטעל.

1. The gangway has strong **planks**. 2. There were twenty **planks** in the platform of our party.

plank down (פלענק דאון) ארויסלעגען [ווי מזומנים]; בעצאהלען אויף'ן ארט.
Plank down cash if you wish the goods.

plan'king *n.* (פלענ'-קינג) דאס בעדעקען אדער בעשלאגען מיט ברעטער; פלאנקען אדער ברעטער אין אלגעמיין; דאס ארומ=שילעווען אדער בעשלאגען מיט פלאנקען א הילצערנע שיף.

plan'king-clamp *n.* (פלענ'-קינג-קלעמפ) אין שיף=בוי — אן אינסטרומענט וואס בויגט אוים א ברעט, כדי ארומצו=שילעווען אדער בעשלאגען די שיף.

plan'king-machine' *n.* (פלענ'-קינג-מע-שין') אין הוט=מאנופאקטור — א מא=שין צו פילצעווען, גלעטען און פערהאר=טעווען היט.

plan'king-screw *n.* (פלענ'-קינג-סקרוה) ז. *planking-clamp*

plank'-nail *n.* (פלענק'-נייל) א ברעט=נאגעל.

plank'ton *n.* (פלענק'-טאן) דער פלאנק=טאן, איינער פון די נידריגסטע ארגאניז=מען פון חיות און פלאנצען, וועלכע הא=בען ניט קיין בעוועגונגס=ארגאנען און טרא=גען זיך מיט'ן שטראם פון וואסער.

plan'less *a.* (פלענ'-לעס) פלאנלאז, אהן א פלאן.

plan'lessly *adv.* (פלענ'-לעס-לי) פלאנ=לאז; אהן א פלאן.

plan'ner *n.* (פלענ'-ער) א פלאנען=מא=כער; א פראיעקטען=מאכער.

pla'no-con'cave *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-קייוו) וואס איז פון איין זייט פלאך און פון דער צווייטער זייט קאנקאוו [רונד אריינגעבויגען].

pla'no-con'ical *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-אי-קעל) וואס איז פלאך פון איין זייט און ווי א קאנוס פון דער צווייטער זייט.

pla'no-con'vex *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-וועקס) וואס איז פלאך פון איין זייט און רונד=אויסגעבויגען [קאנוועקס] פון דער צווייטער.

plano'dia *n.* (פלע-נאו'-די-א) א פאל=שער אדער ניט נארמאלער דורכגאנג [ווי ביי לאזען אורין דורך א קאטעטער].

pla'no-horizon'tal *a.* (פליי'-נאו-האר-אי-זאנ'-טעל) פלאנאהאריזאנטאל, וואס איז פלאך און האריזאנטאל געשטעלט אדער געלעגט.

planom'eter *n.* (פלע-נאמ'-ע-טער) א פלאנאמעטער, אן אייזערנע פלאכע פלא=טע, וואס ווערט בענוצט אין מאשין=בוי=אונג צו מעסטען די גלאטקייט פון פלאכע פלאטען.

planom'etry *n.* (פלע-נאמ'-עט-רי) דאס בענוצען א פלאנאמעטער; דאס מעסטען די פלאכקייט און גלאטקייט פון פלאטען.

pla'no-orbic'ular *a.* (פליי'-נאו-אהר-ביק'-יו-לאר) פלאך פון איין זייט און קוגעל=פערמיג פון דער אנדערער.

planor'bine *a.* (פלע-נאהר'-בין) גע=דרעהט אין א פלאכער ספיראל; עהנליך צו א טייך=שנעקע; וואס איז שייך צו די טייך=שנעקען. ז. *Planorbis*

Planor'bis *n.* (פלע-נאהר'-ביס) דער מין טייך=שנעקעס [זיי האבען א פלאכע ספי=ראל=עהנליכע מושעל און האלטען זיך אויף אין טייכען און סא=זשעלקעס].


Planorbis

plant *n. and v.* (פלענט) א פלאנצע; א געוויקס; א יונג בוימעל; א שטעקען, א דובינע; א גראז אדער א גארטען=פלאנצע [אין געגענזאץ צו א בוים]; די גאנצע אויסשטאטונג [ווי אינסטרומענטען, מאשינען א. ז. וו.], וואס זיינען נויטיג אנצופיהרען א געוויסע פראדוקציאן; דאס ארט, וואו א גנב בעהאלט די גע'גנב'עטע זאכען; א שווינדעל, א שפיצעל, א שטוקע; פלאנ=צען, איינפלאנצען; איינשטעלען; איינ=ריכטען; עטאבלירען; איינזעצען, קאלא=ניזירען; איינגראבען; בעהאלטען [גע'=גנב'עטע זאכען]; פערשטעקען, פערבאר=גען.

plan'table *a.* (פלענ'-טעבל) פלאנצבאר, וואס מען קען איינפלאנצען.

plan'tain *n.* (פלענ'-טיין) דער וועגעריך, א מין גראז מיט ברייטע אוואלע [לאנג=ליך=רונדע] בלעטער, וועלכע געהען ארוים האַרט נעבען ווארצעל. צווישען די בלע=טער שפראצען ארוים לאנגע שטענגלעך, וואס זיינען בעדעקט מיט קליינע העל=בלויע בליהונגען. ז. איל.]; דער פיזאנג אדער דער פאראדיז=פייגענבוים; די פאראדיז=פייג [די פרוכט פון דיעזען בוים]. ז. *plantain-tree*

Plantain

plan'tain-cut'ter *n.* (פלענ'-טיינ-קאט'-ער) ז. *plantain-eater*

plan'tain-ea'ter *n.* (פלענ'-טיינ-איע'-טער) דער טוראקו [א מין אפריקאנישער פויגעל מיט א לאנגען עק און מיט העל=גלאנציגע און רייכפארביגע פעדערען].

plan'tain-tree *n.* (פלענ'-טיינ-טריע) דער פיזאנג אדער דער פאראדיז=פייגענ=בוים [א מין בוים פון די הייסע לענדער מיט זעהר לאנגע און ברייטע בלעטער, וואס איז עהנליך צו דעם באנאנע=בוים].

Plantain-tree

plan'tal *a.* (פלענ'-טעל) וואס וואקסט; וואס איז שייך צו פלאנצען.

plan′tar *a.* (פלענ′-טאר) וואס געהערט צו דער פאדעשווע אדער זויל פון פוס.

planta′tion *n.* (פלענ-טיי′-שאן) דאס פלאנצען; די איינפיהרונג, די איינריכטונג, די עטאבלירונג; א קאלאניע, א בעזעצונג; א פלאנצונג, א בעפלאנצונגסארט; א פלאנטאציע; די גרינדונג.

planta′tion-hands *n.* (פלענ-טיי′-שאן-הענדז) די ארבייטער אויף א פלאנטאציע.

planta′tion-mill *n.* (פלענ-טיי′-שאן-מיל) א מיהלכעל, וואס ווערט בענוצט אויף א פלאנטאציע אדער פערמע צו מאהלען האבער, ליין=זאמען א. ד. ג.

plant′-bug *n.* (פלענט′-באג) די בלאטוואנץ, די פעלד=וואנץ [אן אינזעקט, וואס זויגט אויס פלאנצען].

plant′-cane *n.* (פלענט′-קיין) די ערשטע צוקער=ריטלעך, וואס וואקסען אויס דאס ערשטע מאל אויף א צוקער=פלאנטאציע.

plant′-disease′ *n.* (פלענט′-די-זיעז′) א פלאנצען=קראנקהייט.

plant′-ea′ting *a.* (פלענט′-איע′-טינג) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plan′ted *a.* (פלענ′-טעד) איינגעפאסט, ארייננגעשטעלט [ווי איין פלאנקע אדער ברעט אין אן אנדערען]; אריינגעבראכט פון אן אנדער לאנד; נאטוראליזירט.

plan′ter *n.* (פלענ′-טער) א פלאנצער, א פלאנטאטאר; א גרינדער; א זייה=מאשין; א קלאץ, וואס איז אריינגעשלאגען אין א טייך און שטארצט ניט ארויס פון וואסער.

plan′terdom *n.* (פלענ′-טער-דאם) דער פלאנטאטארען=שטאנד.

plan′tership *n.* (פלענ′-טער-שיפ) דאס פערוואלטען א פלאנטאציע; די בעשעפטיגונג פון א פלאנטאטאר.

plant′-fee′der *n.* (פלענט′-פיע′-דער) אן אינזעקט וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant′-fee′ding *a.* (פלענט′-פיע′-דינג) וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant′-food *n.* (פלענט′-פוהד) פלאנצען=נאהרונג; דאס וואס גיט יניקה פאר פלאנצען.

plan′ticle *n.* (פלענ′-טיקל) א יונגע פלאנצע; א פלאנצע וואס הויבט ערשט אן צו וואקסען; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

plan′tigrade *a.* and *n.* (פלענ′-טי-גרייד) וואס טרעט מיט דער גאנצער פאדעשווע אדער זויל פון פוס [ווי מענשען, בערען א. ז. וו.]; א חיה וואס טרעט מיט′ן גאנצען פוס=טראט.

plan′ting *n.* (פלענ′-טינג) דאס פלאנצען, דאס לעגען; דאס אריינזעצען פלאנצונגען; די ערשטע שטיינער פון א פונדאמענט; די איינפיהרונג, איינריכטונג.

plan′ting-ground *n.* (פלענ′-טינג-גראונד) אן ארט, וואו אויסטערס [אוסטריצעס] האלטען זיך אויף.

plantiv′orous *a.* (פלענ-טיוו′-א-ראס) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plant′let *n.* (פלענט′-לעט) א יונגע ניט ענטוויקעלטע פלאנצע.

plant′-louse *n.* (פלענט′-לאוס) א פלאנצען=לויז, א קליינער אינזעקט וואס שעדיגט פלאנצען.

plant′-mar′ker *n.* (פלענט′-מאר′-קער) א בלעכעל אדער שטיקעל פאפיער וואס מען הענגט אן אויף א פלאנצע און אויף וועלכען עס איז אנגעשריבען איהר געוועהנליכער און באטאנישער נאמען.

plant′-move′ment *n.* (פלענט′-מוהוו′-מענט) די פרייוויליגע אדער זעלבסטטהעטיגע בעוועגונגען פון פלאנצען [געוויסע פיזיאלאגישע פונקציאנען פון איינינגע פלאנצען].

plants′man *n.* (פלענטס′-מען) איינער וואס האנדעלט מיט פלאנצען.

plan′tule *n.* (פלענ′-טיול) א ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלטע פלאנצע; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

planu′ria *n.* (פלע-ניו′-רי-א) דאס ארויסלאזען אורין פון קערפער ניט דורך דעם ארגאן, דורך וועלכען די אורין אדער השתנה געהט געוועהנליך דורך.

plan′ury *n.* (פלענ′-יו-רי) ז. *planuria*

plap *v.* (פלעפ) פליעסקען; פליוכען; אראבפאלען מיט א פליוך.

plaque *n.* (פלעק) א פלאטע אדער דיסק פון מעטאל, פארצעליי אדער עלפענבייז וואס איז ארטיסטיש בעציערט מיט פיגורען; א בראש אדער אן אנדער ציערונג אין דער פארם פון אן ארטיסטיש אויסגעארבייטער פלאטע אדער דיסק; אין אנאטאמיע — איינער פון די קליינע רונד=פלאכע קערפער=טיילען [ווי די בלוט=דיסקען וואס פליסען אין די אדערען]; א לאטע; א פלאסטער.

plaquette′ *n.* (פלע-קעט′) א קליינע פלאכע פלאטע וואס ווערט אין עפעס ארייננגעשטעלט אלס ארנאמענט אדער בעציערונג.

The bureau was decorated with bronze plaquettes.

plash *v.* and *n.* (פלעש) פלאסקען, פלעשטשען; צוזאמענפלעכטען [איינגעשניטענע און אויסגעבויגענע] צווייגלעך פון א פלאנצען=צאם [א צאם פון קוסטעס אדער בוימלעך]; איינשניידען און איינבויגען צווייגלעך פון א פלאנצען=צאם [צום צוזאמענפלעכטען]; א לוזשע, א בלאטיג טייכעל; א פליוך; אן איינגעשניטען און איינגעבויגען צווייגעל פון א פלאנצען=צאם [צום פלעכטען].

plash′et *n.* (פלעש′-עט) א לוזשע; א קליינע סאזשעלקע.

plash′ing *n.* (פלעש′-אינג) א פארקאן פון געפלאכטענע צווייגען; א געפלאכטענער צאם; דאס פליעסקען; דאס פליוכען פון וואסער.

plash′ing-tool *n.* (פלעש′-אינג-טוהל) א מעסער וואס ווערט בענוצט איינצושניידען די געפלאכטענע צווייגען פון א צאם.

plash′y *a.* (פלעש′-אי) פייכט; נאס; בלאטיג; בעשפרענקעלט מיט פארבענדער פליסיגקייט.

plasm *n.* (פלעזם) א פורעם [פון לעהם אדער גיפס]; אין ביאלאגיע — די פלאזמע. ז. *plasma*

plas′ma *n.* (פלעס′-מא) אין ביאלאגיע — די פלאזמע, דער פליסיגער בעשטאנד=טייל פון בלוט, וואס האט אין זיך אייווייסע עלעמענטען און פון וועלכען עס בילדען זיך די פערשיעדענע ארגאנישע געוועבען פון קערפער; די פארבלאזע בלוט=פליסיגקייט [די פליסיגקייט פון בלוט, וועלכע ענטהאלט ניט קיין רויטע און ווייסע בלוט=קייכעלעך]; דער גלימשיגער און קלעפיגער שטאף פון א צעלע, די פראטאפלאזמע; א מין גרינער שטיין [כאלצעדאן], וועלכען די אלטע רוימער פלעגען טראגען אלס ציערונג.

plasmat′ic *a.* (פלעס-מעט′-איק) אין ביאלאגיע — וואס איז שייך צו פלאזמע. ז. *plasma*

plasmat′ical *a.* (פלעס-מעט′-אי-קעל) ז. *plasmatic*

plas′mic *a.* (פלעז′-מיק) וואס איז שייך צו דער פלאזמע. ז. *plasma*

plas′mode *n.* (פלעס′-מאוד) ז. *plasmodium*

plasmo′dia *n.* (פלעס-מאו′-די-א) די פלאזמאדיען. ז. *plasmodium*

plasmo′dial *a.* (פלעס-מאו′-די-על) עהנליך צו פלאזמאדיום. ז. *plasmodium*

plasmod′ic *a.* (פלעס-מאד′-איק) ז. *plasmodial*

plasmo′dium *n.* (פלעס-מאו′-די-אם) אין ביאלאגיע — פלאזמאדיום, א זשעלאטין=מאסע פון פראטאפלאזמע אדער נאקעטע צעלען, וואס בילדעט זיך אויס פון דער בעהעפטונג פון עטליכע אמעבען=עהנליכע ארגאניזמען. ז. *amœba*

plas′mogen *n.* (פלעס′-מא-דזשען) די עסענץ אדער דער הויפט עלעמענט פון פראטאפלאזמע. ז. *plasma*

plasmog′ony *n.* (פלעס-מאג′-א-ני) דאס ענטוויקלען זיך פון אן ארגאניזם פון דער פלאזמע. ז. *plasma*

plasmol′ogy *n.* (פלעס-מאל′-א-דזשי) מיקראסקאפישע אנאטאמיע, דאס שטודירען די מיקראסקאפישע טיילכעלעך, פון וועלכע דער ארגאניזם בעשטעהט.

plasmol′ysis *n.* (פלעס-מאל′-אי-סיס) אין באטאניק — די צוזאמענציהונג פון פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער ווירקענדע שטאפען.

plas′molyze *v.* (פלעס′-מא-לאיז) צוזאמענציהען די פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער שטאפען.

plas′ter *n.* and *v.* (פלעס′-טער) א פלאסטער [פאר א וואונד]; פלאסטער, שטוקאטורע, טינק; גיפס; צולעגען א פלאסטער; טינקעווען; גיפסעווען; בעשמירען עפעס [ווי בעשמירען דאס פנים מיט פארב]; בעדעקען אדער בעהאלטען עפעס, ווי מיט א פלאסטער אדער ווי מיט פלאסטער.

plas′ter cast (פלעס′-טער קעסט) דער אבדרוק אדער אבגוס פון גיפס.

plas′terer *n.* (פלעס′-טער-ער) א גיפס=ארבייטער, א גיפס=גיסער; א טינקעווער.

plas′tering *n.* (פלעס′-טער-אינג) דאס שטוקאטורעווען, טינקעווען; דאס צוגעבען גיפס צו עפעס.

plas′tering trow′el (פלעס′-טער-אינג טראו′-על) א מויער=קעלנע [די לאפעטקע, מיט וועלכער א פלאסטערער טינקעוועט אדער שמירט מיט וואפנע א וואנד].

plas′ter-mill *n.* (פלעס′-טער-מיל) א מאשין צו מאהלען גיפס.

plas′ter of Par′is (פלעס′-טער- אוו פער′-איס) גיפס.

plas′ter o′ver (פלעס′-טער או′-ווער) איבערטינקעווען, בעדעקען, בעשמירען מיט עפעס.

plas′ter-stone *n.* (פלעס′-טער-סטאון) דער גיפס=שטיין; גיפס.

plas′ter up (פלעס′-טער אפ) ארויפלעגען א פלאסטער; בעדעקען מיט עפעס; ווי עס איז צונויפקלעפען.

plas′ter-work *n.* (פלעס′-טער-הווארק) שטוקאטור=ארבייט.

plas'tery *a.* (פלעס'-טער-אי) עהנליך צו גיפס; וואס ענטהאלט טינק אדער גיפס.

plas'tic *a.* (פלעס'-טיק) פלאסטיש, קנעטעדיג [וואס לאזט זיך פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל]; וואס לאזט זיך קנעטען.

plas'tically *adv.* (פלעס'-טי-קעל-אי) אויף א פלאסטישען, קנעטענדען אדער פארמירענדען אופן.

plas'tic art (פלעס'-טיק ארט) די פלאסטישע אדער בילדענדע קונסט.

plas'tic clay (פלעס'-טיק קליי) פלאסטישע ליים [די ליים, פון וועלכער מען פארמירט כלים און פיגורען].

plas'tic force (פלעס'-טיק פאורס) די בילדונגס-קראפט [פון דער נאטור].

plastic'ity *n.* (פלעס-טיס'-אי-טי) קנעטעדיגקייט, בילדזאמקייט [די אייגענשאפט זיך צו לאזען פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל].

plas'tid *a. and n.* (פלעס'-טיד) אן איינפאכסטער ארגאניזם, ווי א צעלע אדער פלאזמע; וואס האט דעם כאראקטער פון אן איינפאכסטען ארגאניזם.

plastid'ium *n.* (פלעס-טיד'-אי-אם) ז. *plastid*.

plas'tidule *n.* (פלעס'-טי-דיול) א מאלעקול אדער דער מעגליכסט קלענסטער טייל פון פראטאפלאזמע.

plastili'na *n.* (פלעס-טי-לאי'-נא) פלאסטישע ליים, וועלכע איז צוגעגרייט אזוי, דאס זי זאל א לענגערע צייט זיין פייכט און ווייך.

plastog'raphy *n.* (פלעס-טאג'-רע-פי) פלאסטאגראפיע [די קונסט צו מאכען אדער אויסצוקנעטען פיגורען פון גיפס, ליים אדער אנדערע קנעטיגע זאכען]; דאס נאכמאכען איינעמס האנדשריפט; פעלשונג.

plas'tral *a.* (פלעס'-טרעל) וואס איז שייך צום אונטערשטען טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'tron *n.* (פלעס'-טראן) א ברוסט-פאנצער; דער טייל פון א קלייד וואס בעדעקט די ברוסט; דער אונטערשטער טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'trum *n.* (פלעס'-טראם) ז. *plastron*.

plat *n., v., a. and adv.* (פלעט) א קלאפ מיט דער האנד, שלאגען, קלאפען; פלעכטען, איינפלעכטען, ארומפלעכטען עפעס; בעצייכנען א פלאן פון א שטיקעל לאנד, מאכען א לאנד-קארטע; פערשפרייטען, אויסלעגען פלאך; א שטיקעל לאנד וואס איז בעשטימט פאר א געוויסען צוועק [ווי פאר א גארטען א. ד. ג.]; דער פלאן פון אזא שטיקעל לאנד; א געפלאכטענע זאך [ווי די אויסגעפלאכטענע שטרוי צו מאכען שטרוי-היט]; פערפלאכטענע האר; א שטריק-וויקעל [דאס מיט וואס מען פלעכט ארום א קאנאט אויף א שיף]; פלאך, גלאט; אויסגעשפרייט.

plat'an *n.* (פלעט'-ען) ז. *plane-tree*.

plat'ane *n.* (פלעט'-ען) ז. *plane-tree*.

plat'band *n.* (פלעט'-בענד) א ראנד פון בלומען אין א גארטען אדער ביי א וואנד; אין ארכיטעקטור — א פלאכער שטרייף מיט גראדע ווינקלען וואס שטארצט עטוואס ארויס פון א וואנד אדער זייל; דער עטוואס-ארויסגעשטארצטער אויבערשטער קוואר-באלקען פון א טהיר.

plate *n. and v.* (פלייט) א מעטאלענע פלאטע; א גראווירטעס בלעכעל; א טעלער; זילבער-געשיר; א געריכט; א סטערעאטיפ, אן עלעקטראטיפ; אין ארכיטעקטור — דער קוואר באלקען, אויף וועלכען עס שטעלען זיך די קראקוועס פון א דאך; א גומען-פלאטע פון אריינגעשטעלטע צייהנער; פלאטירטע ווארען [ווארען וואס זיינען בעלעגט מיט א געוויסען מעטאל, ווי גאלד אדער זילבער]; א פאנצער פון צוזאמענגעשטעלטע פלאטען; פלאט-גלאז [דיקע פלאטען גלאז וואס ווערען בענוצט אויף שפיגלען און אויף שויבען אין גרויסע מאגאזינען א. ד. ג.]; אין פאטאגראפיע— די גלאז-פלאטע, אויף וועלכער עס ווערט געמאכט דער נעגאטיוו; אין בייסבאל-שפיעל — דער היים-באזיס [דאס ארט וואו דער אבקלאפער פון באל קומט צו לויפען צוריק וואו ער איז פריהער געשטאנען]; אין ביאלאגיע — א פלאטען-עהנליכעס גליעד פון אן ארגאניזם; פלאטירען [בעדעקען עפעס מיט א דינעם שיכט פון גאלד אדער זילבער]; בעפאנצערען, בעשלאגען מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [ווי א פאנצער-שיף]; אויסשמיעדען דינע פלאטען אדער בלעכלעך.

plate'-ar'mor *n.* (פלייט'-אר'-מאר) פאנצער-פלאטען [שטאל-פלאטען מיט וועלכע מען בעשלאגט א קריעגס-שיף, אז קוילען זאלען זי ניט דורכלעכערען].

plateau' *n.* (פלע-טאו') אין געאגראפיע — דאס פלאטא, א פלאך אדער בערגיג לאנד, וואס איז מעהר ווי 1000 פוס העכער פון דער אויבערפלעכע פון ים.

plate'-bas'ket *n.* (פלייט'-בעס'-קעט) דער טעלער-קארב [א קארב אויף צונעהמען די טעלער און די אנדערע געשיר פון טיש].

plate'-ben'der *n.* (פלייט'-בענ'-דער) א מין צווייננגעל, וואס ווערט בענוצט פון דענטיסטען צו בויגען גומען-פלאטען.

plate'-box *n.* (פלייט'-באקס) א קעסטעל, אין וועלכען פאטאגראפען האלטען די גלעזערנע פלאטען אדער נעגאטיוועז.

plate'-brass *n.* (פלייט'-ברעס) בלעך פון קופער אדער מעש.

plate'-cul'ture *n.* (פלייט'-קאל'-טשור) דאס האדעווען מיקראבען אדער באצילען אויף א דינעם שיכט פון זשעלאטין, וואס איז אויסגעלעגט אויף א גלעזערנער פלאטע.

pla'ted *a.* (פליי'-טעד) פלאטירט [בעלעגט מיט אנדערע שטאפען אדער מעטאלען, ווי מיט זייד, גאלד אדער זילבער]; געפאנצערט מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [וועגען קריעגס-שיפען].

plate'-frame *n.* (פלייט'-פריים) ז. *plate-holder*.

plate'ful *n.* (פלייט'-פול) א טעלער, א טעלער-פול [די מאס וויפיעל עס געהט אריין אין א טעלער].

He ordered a **plateful** of meat.

plate'-glass *n.* (פלייט'-גלעס) שפיגעל-גלאז [דיקעס גלאז פאר שפיגלען און פאר גרויסע קראם-שויבען].

plate'-hat *n.* (פלייט'-העט) א הוט, ביי וועלכען די ווארסע [בארווע] איז געמאכט פון בעסערען מאטעריאל איידער דער הוט אליין.

plate'-hol'der *n.* (פלייט'-האול'-דער) דאס רעהמעל פון א פאטאגראפישען אפאראט, אין וועלכען מען שטעלט אריין דאס נעגאטיוו-גלאז.

plate'-i'ron *n.* (פלייט'-אי'-ערן) אייזען-פלאטען, אייזען-בלעך.

plate'-lay'er *n.* (פלייט'-ליי'-ער) אין ענגלאנד — אן ארבייטער וואס לעגט אויס רעלסען אויף אן אייזענבאהן.

plate'-leath'er *n.* (פלייט'-לעטה'-ער) זעמש-לעדער וואס ווערט בענוצט צו רייניגען גאלד און זילבער-געשיר.

plate'-machine' *n.* (פלייט'-מע-שין') א מאשין צו מאכען געשיר פון פארצעליי און אנדערע מאטעריאלען.

plate'-mail *n.* (פלייט'-מייל) א שופען-פאנצער [א פאנצער געמאכט ווי פון שופען פון א פיש].

plate'-mark *n.* (פלייט'-מארק) א געזעצליך בעשטעטיגטער צייכען אדער שטעמפעל אויף זילבערנע און גאלדענע כלים, וואס בעווייזט דאס ארט וואו זיי זיינען אויסגעארבייט, די פראבע פון מעטאל א. ד. ג.

plate'-mat'ter *n.* (פלייט'-מעט'-ער) ארטיקלען פאר צייטונגען אדער זשורנאלען וואס מען מאכט אין סטערעאטיפישע פלאטען און ווערען געדרוקט אין עטליכע צייטונגען אין איינער און דערזעלבער צייט.

plate'-met'al *n.* (פלייט'-מעט'-על) געגאסענע שטיקער אייזען אדער טשוגון וואס מען צוברעכט און מען גיסט איבער א צווייטען מאל.

plate'-mill *n.* (פלייט'-מיל) א מאשין צו וואלצען און אויסצוציהען מעטאלענע פלאטען.

plat'en *n.* (פלעט'-ען) דער דרוק-טיגעל [דער טייל פון א דרוק-פרעס וועלכער דריקט די בוכשטאבען אויף'ן פאפיער]; א ליגאטור אדער א געמיש פון קופער מיט צינק, פון וועלכען מען מאכט קנעפלעך.

plate'-pa'per *n.* (פלייט'-פיי'-פער) קופער-דרוק-פאפיער [א זארט זעהר גלאנציג פאפיער].

plate'-piece *n.* (פלייט'-פיעס) רינדפלייש, וואס ווערט בענוצט צו מאכען געפעקעלטעס פלייש.

plate'-pow'der *n.* (פלייט'-פאו'-דער) א פולווער אדער פראשעק וואס ווערט בענוצט צו פאלירען זילבערנע געשיר.

plate'-press *n.* (פלייט'-פרעס) א דרוק-פרעס צו דרוקען פון גראווירטע קופערנע אדער שטאהלענע פלאטען.

plate'-prin'ter *n.* (פלייט'-פרינ'-טער) דער וואס דרוקט פון גראוויר-פלאטען.

plate'-prin'ting *n.* (פלייט'-פרינ'-טינג) דאס דרוקען פון גראוויר-פלאטען.

pla'ter *n.* (פליי'-טער) א פלאטען-מאכער; א מאשין צונויפצופרעסען פאפיער דורך דעם דרוק פון אייזערנע פלאטען; א פלאטירער, א בעגילטער, דער וואס בעגילט כלים.

plate'-rack *n.* (פלייט'-רעק) א טעלער-פאליצע, א טעלער-געשטעל; א געשטעל וואו מען האלט די פאטאגראפישע פלאטען [נעגאטיוועז] בעת זיי זיינען נאך נאס.

plate'-rail *n.* (פלייט'-רייל) א פלאכע רעלסע אדער שינע.

plateresque' *a.* (פלעט-ע-רעסק') וואס איז עהנליך צו זילבערנע ארנאמענטען אדער פערציערונגען [אין ארכיטעקטור].

plate'-roll'er *n.* (פלייט'-ראול'-ער) א גלאטער רונדער וואל וואס ווערט בענוצט אין מאכען מעטאלענע פלאטען.

plate'-shears *n.* (פלייט'-שיערז) א מאשין צו שניידען און שערען מעטאלענע פלאטען.

plate'-stand *n.* (פלייט'-סטענד) א געשטעל פאר טעלער און אנדערע געשיר.

plat'etrope *n.* (פלעט'-ע-טראופ) א זייט פון א זאך, וועלכע איז סימעטריש אדער אין דערזעלבער פארם ווי די ענטגעגענגעזעצטע זייט [ווי די רעכטע העלפט פון מענשליכען קערפער, וואס איז סימעטריש אדער האט דיזעלבע פארם ווי די לינקע העלפט].

plat'etropy *n.* (פלעט'-ע-טראו-פי) דאס זיין סימעטריש. ז. *platetrope*.

plate'-vise *n.* (פלייט'-וואיס) אין פאטאגראפיע — א ראהם, אין וועלכער מען שטעלט אריין א גלאז=פלאטע זי צו פאלירען.

plate'-war'mer *n.* (פלייט'-הוואהר'-מער) א מין קאסטען מיט פאליצעס אדער אן אנדער פארריכטונג אין א ווארעמען פלאץ, אויף וועלכער מען האלט טעלער צו ווארעמען זיי; א מעטאלענע כלי מיט הייסען וואסער, אויף וועלכער מען וואַרעמט אן געשיר אויף'ן טיש.

plat'form *n. and v.* (פלעט'-פארם) א פלאטפארמע, א גאניק אדער בריקעל, וואס איז העכער פון דעם ארומיגען גרונט; א בימה אין א פערזאמלונגס=זאל, פון וועלכער די רעדנער האלטען זייערע רעדען; דאס בריקעל אויף אן אייזענבאהן=סטאנציע, פון וועלכען די פאסאזשירען געהען אריין אין די וואגאנען; די פלאטפארמע פון א וואגאן; דאס פראגראם פון א פאליטישער אדער אנדערער פארטיי; דאס האלטען רעדען אדער פארלעזונגען; אויסארבייטען א פראגראם פון א פארטיי; אוועקשטעלען אויף א פלאטפארמע.

plat'form-bridge *n.* (פלעט'-פארם-ברידזש) א בריקעל איבער די פלאטפארמען פון אן אייזענבאהן=סטאנציע.

plat'form-car *n.* (פלעט'-פארם-קאר) א פלאטפארמע=וואגאן [א פראכט=וואגאן אהן א דאך און אהן ווענטלעך].

plat'form-car'riage *n.* (פלעט'-פארם-קער'-עדזש) א פלאכער וואגען אויף פיער רעדער צו שלעפען שווערע משאות, ווי הארמאטען, שטיינער א. ד. ג.

plat'form-crane *n.* (פלעט'-פארם-קריין) א הויב=מאשין וואס איז צוגעפעסטיגט צו אן אייזענבאהן=וואגאן.

plat'formist *n.* (פלעט'-פארם-איסט) א רעדנער אויף עפענטליכע פערזאמלונגען.

plat'form-scale *n.* (פלעט'-פארם-סקייל) אזא וואג=מאשין מיט א פלאכען ברעט אויף וועלכען מען לעגט די זאכען וואס מען וועגט.

plat'form-spring *n.* (פלעט'-פארם-ספרינג) א פרוזשינע פון אן עקיפאזש אדער וואגאן.

platias'mus *n.* (פלעט-אי-עס'-מאס) דאס זאאיקען זיך, דאס ניט קענען שארף רעדען.

platil'la *n.* (פלע-טיל'-א) א מין ווייסער לייווענד=שטאף.

plati'na *n.* (פלע-טי'-נא) פלאטין [ז. *platinum*]; געפלאכטענע זילבער=פעדים; אן אייזערנע פלאטע צום גלאזירען.

pla'ting *n.* (פליי'-טינג) פלאטירונג, איבערציהונג אדער בעדעקונג מיט א דינעם מעטאל=שיכט [ווי בעזילבערונג, בעגילטונג, פערניקלונג א. ד. ג.].

pla'ting-ham'mer *n.* (פליי'-טינג-העמ'-ער) א גרויסער דאמפף=האמער וואס ווערט געברויכט צו בויגען פאנצער=פלאטען.

platin'ic *a.* (פלע-טינ'-איק) וואס איז שייך צו פלאטין. ז. *platinum*.

platinif'erous *a.* (פלעט-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס פלאטין. ז. *platinum*.

platiniza'tion *n.* (פלעט-אי-ני-זיי'-שאן) פלאטינירונג, דאס בעדעקען מיט פלאטין.

plat'inize *v.* (פלעט'-אי-נאיז) פלאטינירען, בעדעקען מיט פלאטין.

plat'inotype *n.* (פלעט'-אי-נא-טאיפ) א פאטאגראפישער פראצעס, וואו דאס פאטאגראפישע פאפיער איז בעדעקט מיט א לעזונג, וועלכע בעשטעהט פון פלאטין, כלאריד און אייזען אקסאל זויער=זאלץ.

plat'inous *a.* (פלעט'-אי-נאס) וואס ענטהאלט אין זיך פלאטין; וואס בעשטעהט פון פלאטין.

plat'inum *n.* (פלעט'-אי-נאם) פלאטין [אן עדעל=מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

plat'inum-black' *n.* (פלעט'-אי-נאם-בלעק') פלאטין=שווארץ [אזא שווארצער פולווער וואס איז געמאכט פון פלאטין].

plat'inum-lamp *n.* (פלעט'-אי-נאם-לעמפ) אן עלעקטריש לעמפעל וואס זיין גליה=דרעטעל איז פון פלאטין.

plat'inum sponge (פלעט'-אי-נאם ספאנדזש) פלאטין=שוואם [פלאטין אין דער פארם פון א שוואם וואס בעקומט זיך דורך א געוויסען כעמישען פראצעס].

plat'itude *n.* (פלעט'-אי-טיוד) פלאכקייט, טעמפקייט [אין שכל]; א טעמפע, אן אבגעדראשענע אדער דומע בעמערקונג; אן אויסגעדראשענע חכמה.

platitudina'rian *n. and a.* (פלעט-אי-טיו-די-ניי'-רי-ען) א פלאכער אדער טעמפער בעל שכל; איינער וואס איז איבערגעגעבען אדער אריינגעטהאן אין טעמפע, אויסגעדראשענע חכמות; טעמפ, פלאך [אין שכל].

platitu'dinize *v.* (פלעט-אי-טיו'-די-נאיז) מאכען טעמפע אדער אבגעדראשענע בעמערקונגען.

platitu'dinous *a.* (פלעט-אי-טיו'-די-נאס) פלאך, טעמפ [אין שכל]; אבגעדראשען [וועגען א בעמערקונג].

platitu'dinousness *n.* (פלעט-אי-טיו'-די-נאס-נעס) פלאכקייט, טעמפקייט [אין שכל]; אבגעדראשענקייט [וועגען א בעמערקונג].

platom'eter *n.* (פלע-טאמ'-ע-טער) ז. *planimeter*.

platom'etry *n.* (פלע-טאמ'-עט-רי) די קונסט צו מעסטען די ברייטקייט פון טייכען.

Platon'ic *a. and n.* (פלע-טאנ'-איק) וואס איז שייך צום גריכישען פילאזאף פלאטאן אדער צו זיינע אידעען [געלעבט פון 427 ביז 347 פאר קריסטוס'עס געבורט]; פלאטאניש, ריין גייסטיג, אהן א ביימישונג פון קערפערליכע ליידענשאפטען [וועגען א ליעבע צווישען מאן און פרוי]; אן אנהענגער פון פלאטאן; איינער וואס ליעבט מיט א פלאטאנישער ליעבע.

Platon'ical *a.* (פלע-טאנ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פלאטאן; פלאטאניש. ז. *Platonic*.

Platon'ic bod'ies (פלע-טאנ'-איק באד'-איז) די פינף רעגעלמעסיגע געאמעטרישע קערפער — א טעטראעדער [א גלייכזייטיגער דרייקאנטיגער קערפער], א העקסאעדער [א קוביק], אן אקטאעדער [א גלייכזייטיגער אכטקאנטיגער קערפער], א דאדעקאעדער [א גלייכזייטיגער צוועלפקאנטיגער קערפער] און אן איקאזאעדער [א גלייכזייטיגער צוואנציגקאנטיגער קערפער].

Platon'ic love (פלע-טאנ'-איק לאוו) פלאטאנישע ליעבע [ריינע גייסטיגע ליעבע אהן קערפערליכע תאוות].

Pla'tonism *n.* (פליי'-טא-ניזם) פלאטאניזם, די לעהרען פון גריכישען פילאזאף פלאטאן [די גרונד=פרינציפען פון דיעזע לעהרען בעשטעהען .אין פאלגענדען: 1) דער קוואל פון אונזער וויסען זיינען ניט די וואהרנעהמונגען פון אונזערע חושים, נאר אונזער ריינע פערנונפט, אונזער שכל; 2) די אלגעמיינע אידעען, ווי שעהנהייט, חכמה, טוגענד א. ד. ג. זיינען ניט קיין אבסטראקטע בעגריפען וועגען אייגענשאפטען פון זאכען, נאר זיי זיינען די איינציגע, וועלכע האבען א רעאלע עקזיסטענץ, און די זאכען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, זיינען ניט מעהר ווי א טונקעלער אבשיין פון דיעזע אלגעמיינע אידעען; 3) דעם מענשען'ס נשמה איז אייביג און אונשטערבליך, און איידער דער מענש ווערט געבארען שוועבט זי ארום אין דער וועלט פון ריינע אלגעמיינע אידעען. אין מענשליכען קערפער ווערט זי פעראונרייניגט, נאר אין איהר בלייבט א שטענדיגע בייגקעניש נאך די אלגעמיינע אידעען און א שטרעבען צו פערווירקליכען זיי אויף וויפיעל דאס איז מעגליך אין דער סביבה פון חומר און גשמיות; 4) די העכסטע אלגעמיינע אידעע איז די טוגענד, און דיעזע אידעע ווערט פערווירקליכט דורך הארמאניע און דיסציפלין אין געזעלשאפטליכען לעבען פון די מענשען]; פלאטאן'ס א זאגע אדער שפריכווארט.

Pla'tonist *n.* (פליי'-טא-ניסט) א פלאטאניסט, אן אנהענגער פון די לעהרען פון דעם גריכישען פילאזאף פלאטאן.

Platonis'tic *a.* (פליי-טא-ניס'-טיק) פלאטאניסטיש, וואס איז שייך צו פלאטאן'ען, צו זיינע לעהרען אדער צו זיינע נאכפאלגער.

Pla'tonize *v.* (פליי'-טא-נאיז) געהערען צו פלאטאן'ס שוהלע; ערקלערען א זאך אויף'ן גרונד פון פלאטאן'ס לעהרען.

Pla'tonizer *n.* (פליי'-טא-נאי-זער) א פלאטאניסט, איינער וועלכער ערקלערט א זאך לויט די לעהרען און מעטאדען פון גריכישען פילאזאף פלאטאן.

platoon' *n.* (פלע-טוהן') א קליינע אבטיילונג [פון סאלדאטען, פאליציי אדער פייערלייט].

plat'ted *a.* (פלעט'-עד) ז. *plaited*.

plat'ten *v.* (פלעט'-ען) אין גלאז=פאבריקאציאן — אויסציהען, פלאך מאכען, מאכען גלאז=פלאטען.

plat'tening *n.* (פלעט'-ענ-אינג) אין גלאז=פאבריקאציאן — דאס אויסציהען, דאס פלאך מאכען, דאס מאכען גלאז=פלאטען.

plat'ter *n.* (פלעט'-ער) א טעלער, א שיסעל; א גרויסע פלאכע ליימענע שיסעל אדער טעלער [הויפטזעכליך צום פאנאנדערשניידען אן עוף]; א פלעכטער, א מאטען=פלעכטער, ראגאזשעס=פלעכטער.

plat'ter-faced *a.* (פלעט'-ער-פייסט) וואס האט א ברייט פלאטשיג פנים.

plat'ting *n.* (פלעט'-אינג) דאס געפלעכט, געפלאכטענע זאכען [ווי פון ריטלעך, שטרוי א. ז. וו.]; דאס פלעכטען [ריטלעך, שטרוי א. ז. וו.].

pla'ty *a.* (פליי'-טי) עהנליך צו א פלאטע; בעשטעהענד פון פלאטען.

platyceph'alous *a.* (פלעט-אי-סעפ'-ע-לאס) ברייט=קעפיג.

platyco'ria *n.* (פלעט-אי-קאו'-רי-א) א קראנקהאפטע פאנאנדערגעצויגענהייט פון דעם שווארצאפעל פון אויג.

plat'ypus *n.* (פלעט'-אי-פאס) דאס שנאבעל=טהיער. ז. *duckbill*

plat'yrhine *a. and n.* (פלעט'-אי-רין) מיט א פלאכער נאז; ברייט=נעזיג, מיט א ברייטער נאז [וועגען די אמעריקאנישע מאלפעס]; א ברייט=נעזיגע אמעריקאנישע מאלפע.

plat'yrrhine *a. and n.* (פלעט'-אי-רין) ז. *platyrhine*

platyrrhin'ian *a. and n.* (פלעט-אי-רינ'-אי-ען) וואס האט א ברייטע, פלאכע נאז; א מענש אדער חיה מיט א ברייטער, פלאכער נאז.

platys'ma *n.* (פלע-טיס'-מא) א פלאכער, ברייטער מוסקול וואס ציהט זיך פארביי דעם האלז פון דער ברוסט און אקסלען צום פנים.

plau'dit *n.* (פלאה'-דיט) דאס פאטשען בראווא, א הויכער בייפאל; לויב, בייפאל.

plau'ditory *a.* (פלאה'-די-טא-רי) אפלאדירענד, אויסדריקענד בייפאל.

plau'dits *n.* (פלאה'-דיטס) אפלאדיםמענטען.

plausibil'ity *n.* (פלאה-זי-ביל'-אי-טי) ליבענסווירדיגקייט, אנגענעהמליכקייט, וואס רופט ארויס בייפאל; דאס זיין אויסערליך אדער שיינבאר גוט, ליבענסווערטה אדער ריכטיג.

plau'sible *a.* (פלאה'-זיבל) 1. וואס שיינט צו זיין ליבענסווערטה, פערטרויענסווערטה, גוט אדער ריכטיג; 2. וואס מאכט א שיינבאר גוטען איינדרוק; 3. וואס גיט שיינבאר ריכטיגע ארגומענטען.

1. He gave a **plausible** excuse for his absence. 2. He is a **plausible** person.

plau'sibleness *n.* (פלאה'-זיבל-נעס) ז. *plausibility*

plau'sibly *adv.* (פלאה'-זי-בלי) אזוי אז עס זאל שיינען צו זיין ליבענסווירדיג, פערטרויענסווערטה, גוט אדער ריכטיג; אזוי עס זאל אויסערליך מאכען א גוטען איינדרוק.

plau'sive *a.* (פלאה'-סיוו) אפלאדירענד, אויסדריקענד בייפאל.

play *v. and n.* (פליי) 1. שפיעלען; זיך שפיעלען, זיך אמוזירען; שפיעלען א ראלע; 2. פלאטערען, שוועבען, זיך שנעל און לייכט בעוועגען; ארומטאנצען; 3. פעכטען, מאכען איבונגען [הויפטזעכליך מיט וואפען]; 4. האנדלען, זיך בענעהמען; 5. דערלאנגען א קלאפ נאך א קלאפ, אהן אויפהער אטאקירען; 6. טהאן, אבטהאן, מאכען; 7. א שפיעל; דאס פארבען=שפיעל; דאס שפיעלען [אין קארטען, אויף דער ביהנע, אויף אינסטרומענטען]; דאס פלאטערען, דאס שוועבען, דאס אומטאנצען; איבונגען [הויפטזעכליך מיט וואפען]; דאס שפיעלען זיך; דאס אמוזירען זיך; שפאס; א דראמאטישע פארשטעלונג, א שוישפיעל; האנדלונג, בענעהמונג.

2. Tonques of fire, like serpents, **played** over the house. 4. **Play** fair with your friends and enemies. 5. The firemen **played** upon the burning building. 6. He can **play** tricks.

play'able *a.* (פליי'-עבל) וואס קען געשפיעלט ווערען.

play'-ac'ting *n.* (פליי'-עק'-טינג) שוישפיעלעריי.

play'-ac'tor *n.* (פליי'-עק'-טאר) אן אקטיאר.

play'-ac'torism *n.* (פליי'-עק'-טאר-איזם) אקטיארסטווע; שוישפיעלעריי, שוישפיעלערישע מאניערען; טעאטראלישקייט; אפעקטאציע, געמאכטקייט, אוננאטירליכקייט.

play'bill *n.* (פליי'-ביל) א טעאטער=אפישע; א טעאטער=פראגראם.

play'-book *n.* (פליי'-בוק) א זאמלונג פון טעאטער=פיעסען; א בוך מיט בילדער פאר קינדער; א בוך פון קינדער=שפיעלען.

play boo'ty (פליי בוה'-טי) שפיעלען אזוי אז מען זאל ארייננארען דעם מיטשפיעלער; פאלש שפיעלען, אבנארען, בעשווינדלען.

play by ear (פליי באי איער) שפיעלען נאך'ן געהער [ניט פון נאטען].

play'-day *n.* (פליי'-דיי) א שפיעל=טאג, א פרייער טאג, א יום טוב; א שוהל=פייערטאג [א טאג וואס קינדער זיינען פריי פון לערנען].

play duck and drake (פליי דאק ענד דרייק) מאכען קאטשקעלעך [ווארפען פלאכע שטיינדלעך אויף'ן וואסער אזוי, אז זיי זאלען איינִיגע מאל אבשפרינגען פון דער אויבערפלעכע]; נאכלעסיג אומגעהן מיט עפעס, פאנאנדערווארפען, אנמאכען אונארדנונג.

played out (פלייד אוט) אויסגעשפיעלט, אויסגעשעפט, פערברויכט, אבגענוצט.

play'er *n.* (פליי'-ער) א שפיעלער; א שוישפיעלער; איינער וואס שפיעלט זיך ארום; א פוילאק, א ליידיג=געהער.

play'erly *a.* (פליי'-ער-לי) שוישפיעלעריש; וואס איז בלויז פאר שפאס.

play'er pian'o (פליי'-ער פי-ענ'-או) א פיאנאלא. ז. *pianola*

play fair (פליי פעהר) האנדלען אויפריכטיג.

play false (פליי פאהלס) אונטערשטעלען איינעם א פיסעל; בעטריגען, בעשווינדלען.

play fast and loose (פליי פעסט ענד לוהס) בעשווינדלען, שפיעלען א שווינדעל=שפיעל [ז. *fast and loose*]; זיך דרעהען, שפיעלען א צווייזייטיגע שפיעל.

play'fellow *n.* (פליי'-פעל-או) א שפיעל=קאמעראד, א מיטשפיעלער.

play first fid'dle (פליי פוירסט פידל) שפיעלען די ערשטע פידעל, שפיעלען די ערשטע ראלע, שטעהן בראש.

play for love (פליי פאר לאוו) שפיעלען צוליעב פערגניגען [ניט אויף געלד].

play foul (פליי פאול) אונטערשטעלען א פיסעל, האנדלען ניט אויפריכטיג, זיין פאלש.

play'ful *a.* (פליי'-פול) שפיעלעדיג, לעבעדיג, לוסטיג.

The child is of a very **playful** disposition.

play'fully *adv.* (פליי'-פול-אי) מיט לוסטיגקייט, מיט לעבעדיגקייט; שפיעלענדיג.

play'fulness *n.* (פליי'-פול-נעס) שפיעלעדיגקייט, לעבעדיגקייט, לוסטיגקייט.

play'game *n.* (פליי'-גיים) א קינדער=שפיעל.

play'goer *n.* (פליי'-גאו-ער) אן אפטער טעאטער=בעזוכער.

play'going *n.* (פליי'-גאו-אינג) אפטער טעאטער=בעזוך.

play goose'berry (פליי גוהס'-בער-אי) בעגלייטען געליעבטע, זיין א שומר ביי געליעבטע.

play'ground *n.* (פליי'-גראונד) א שפיעל=פלאץ [הויפטזעכליך ביי א לעהראנשטאלט].

play high (פליי האי) שפיעלען גרויס, אויף פיעל געלד, פיעל ריזיקירען.

play hob (פליי האב) אבטהאן שפיצלעך.

play hook'y (פליי הוק'-אי) זיין אבוועזענד פון שוהל אהן ערלויבנים.

play'house *n.* (פליי'-האוס) א טעאטער.

play in (פליי אין) באלד אנהויבען.

play'ing *n.* (פליי'-אינג) דאס שפיעלען, דאס שפיעל.

play'ing-card *n.* (פליי'-אינג-קארד) א שפיעל=קארט.

play in'to one's hands (פליי אינ'-טו וואנז הענדז) טהאן עטוואס פון וואס א צווייטער בעקומט די אויבערהאנד אדער פארטייל.

play'-ma'ker *n.* (פליי'-מיי'-קער) ז. *playwright*

play'mate *n.* (פליי'-מייט) א שפיעל=חבר; א מיטשפיעלער.

play'-night *n.* (פליי'-נאיט) א פאר=שטעלונגס=אבענד [אין טעאטער].

play off (פליי אף) 1. אנהויבען שפיעלען; אנפאנגען, מאכען אן אנפאנג; 2. זיך מאכען כלומר'שט, זיך פערשטעלען; 3. צייגען, ארויסווייזען, אבטהאן.

2. The beggar is not blind, he is **playing off**.
3. The acrobate **plays off** tricks.

play off a per'son (פליי אף ע פויר'-סאן) לוסטיג מאכען מענשען אויף אימעצענס חשבון.

play on (פליי אן) פארטזעצען שפיעלען; פארטזעצען; זיך ארומשפיעלען מיט אימעצען אדער עפעס; אבשווינדלען, אויסנוצען פאר זיך. ז. *play upon*

play out (פליי אוט) אויסשפיעלען ביז צו ענדע; ברייננגען צו אן ענדע; אויסשעפען, פערברויכען; אבטראגען.

play pos'sum (פליי פאס'-אם) זיך מאכען כלומר'שט טויט; זיך פערשטעלען, מאכען אן אנשטעל.

play'-right *n.* (פליי-ראיט) אויטאר=רעכט אויף דראמאטישע און מוזיקאלישע ווערק.

play sec'ond fid'dle (פליי סעק'-אנד פידל) שפיעלען די צווייטע פידעל אין אן ארקעסטער; שפיעלען א צווייטע, אונטערגעארדענטע ראלע.

play'some *a.* (פליי'-סאם) ז. *playful*

play'someness *n.* (פליי'-סאם-נעס) ז. *playfulness*

play the can'non (פליי טהי קענ'-אן) באמבארדירען פון הארמאטען.

play the deuce (פליי טהי דיוס) אנטהאן צרות אדער שאדען; בעלעסטיגען.

play the dev'il (פליי טהי דעוול) ז. *play the deuce*

play the dick'ens (פליי טהי דיק'-ענס) ז. *play the deuce*

play the fool (פליי טהי פוהל) מאכען זיך צום נאר, זיך נאריש מאכען.

play the game (פליי טהי גיים) שפיעלען לויט די כללים; האנדלען אויפריכטיג און עהרענהאפט.

play the tru'ant (פליי טהי טרו'-ענט) ארומשלעפען זיך לעדיג; זיין אבוועזענד פון שוהל אהן ערלויבנים.

play'thing *n.* (פליי'-טהינג) א שפיעל=כעל, א צאצקע.

play'time *n.* (פליי'-טאים) שפיעל=צייט, אמוזירונגס=צייט, פרייע צייט.

play to the gal'lery (פליי טו טהי געל'-ע-רי) שפיעלען פאר דער גאלערעע,

שטרעבען אויסצונעהמען בײם גרויסען עולם.

play up (פּלײ אַפּ) שפּיעלען [מוזיק] מיט מעהר קראַפט; אנהויבען שפּיעלען; פּאַרטזעצען.

play upon′ (פּלײ אַ–פּאַן′) 1. זיך לוסטיג מאַכען, זיך ארומשפּיעלען מיט עפּעס אדער אימעצען; 2. אבשווינדלען, אויסנוצען פאַר זיך; 3. ווירקען אויף...

2. Don't **play upon** my sympathies with your hard luck stories. 3. The demagogue **plays upon** the feelings of the people.

play upon′ words (פּלײ אַ–פּאַן′ הוואירדז) מאַכען א ווארט־שפּיעל; א ווארט־שפּיעל.

play with fire (פּלײ הוויטה פאַיר) זיך שפּיעלען מיט פייער, ניט פאַרזיכטיג אומגעהן מיט עפּעס וואָס קען זיך ענדיגען מיט א צרה.

play′wright *n.* (פּלײ′–ראַיט) א שרײבער פון טעאטער־שטיקער, א שוישפּיעלפערפאַסער.

play′-wri′ter *n.* (פּלײ′–ראַי′–טער) ז. *playwright*

pla′za *n.* (פּלאַ′–זאַ) א מארק־פּלאַץ, אן עפענטליכער פּלאַץ ארומגערינגעלט מיט הייזער [אין די שפּאַניש־אמעריקאנישע שטעדט].

plea *n.* (פּליע) 1. א פּראַצעס, א געריכטס־קלאַגע; אן ענטפער, א פערענטפערונג אדער אבווענדונג פון דעם אנגעקלאַגטען; 2. א טענה, אן אורזאַכע, אן ענטשולדיגונג, א גרונד; 3. אן אויסרייד, א כלומר'שדיגע אורזאַכע.

2. One of the **pleas** for the reduction of the tariff is the high cost of living. 3. The Spaniards subdued the Indians under the **plea** of converting them to Christianity.

pleach *v.* (פּליעטש) פלעכטען, פערפלעכטען, איבערפלעכטען.

plead *v.* (פּליעד) 1. מאַכען אן ערקלערונג פאַר'ן געריכט [אלס בעשולדיגטער]; 2. פערטיידיגען, פיהרען א פּראַצעס [אלס אדוואָקאַט]; 3. טענה'ן, ארגומענטירען, שטרעבען צו איבערצייגען; 4. אנגעבען אלס אורזאַכע, זיך פערענטפערען אדער זיך ענטשולדיגען מיט עפּעס; 5. דרינגענד בעטען.

1. The criminal **pleaded** guilty. 3. We **pleaded** with him in vain, urging him to reform. 4. The accused **pleaded** ignorance. 5. He **pleaded** for mercy.

plea′dable *a.* (פּליע′–דעבל) וואָס קען פערטיידיגט ווערען; וואָס קען געבראַכט ווערען אלס אנווענדונג, פערענטפערונג אדער פערטיידיגונג.

plea′der *n.* (פּליע′–דער) א קלעגער אדער אנגעקלאַגטער אין געריכט; א פערטיידיגער, אן אדוואָקאַט.

plead guil′ty (פּליעד גיל′–טי) זיך ערקלערען שולדיג; אנערקענען די קלאַגע.

plea′ding *n.* and *a.* (פּליע′–דינג) דאָס פיהרען א פּראַצעס, דאָס פערטיידיגען אין געריכט [אלס אדוואָקאַט]; פערטיידיגונג; א געריכטס־קלאַגע, א געריכטס־פערטיידיגונג; פּראַצעס־אַקטען; בעטענד.

plea′dingly *adv.* (פּליע′–דינג–לי) מיט געבעט, בעטענדיג.

plea′ding-place *n.* (פּליע′–דינג–פּלייס) א געריכטס־הויף, א געריכטס־פּלאַץ, א געריכט.

plea in abate′ment (פּליע אין ע–בײט′–מענט) אן אפּעלאַציאָן צו קאַסירען א משפּט אויף א גרונד, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט דער ריכטיגקייט פון דעם געמשפּט [ווי למשל, ווען עס ווערט געמאַכט א בעהויפּטונג, אז דער פעראורטיילטער איז איצטער ניט בײם פולען זינען און די שטראָף קען צוליעב דעם ניט אויסגעפיהרט ווערען].

plea in avoi′dance (פּליע אין ע–וואָי′–דענס) אן אנווענדונג פון אן אנגעקלאַגטען אין א געריכטס־פּראַצעס, וועלכע לייקענט ניט אָב דעם קלעגער'ס בעהויפּטונג, בריינגט אָבער פאַקטען, וועלכע מאַכען צו נישט די קלאַגע.

plea in bar (פּליע אין באַר) אזאַ איינווענדונג געגען א קלאַגע, וואָס אויב זי זאָל אנגענומען ווערען, ווארפט זי אום ניט נור די איצטיגע קלאַגע, נאָר אויך אלע מעגליכע קלאַגען פון דיעזען מין.

plea in law (פּליע אין לאָה) א פערטיידיגונג, אז דער פּראַצעס איז ניט געפיהרט געוואָרען לויט'ן געזעץ.

plea of preg′nancy (פּליע אָוו פּרעג′–נענ–סי) אן אפּעלאַציאָן צום געריכט, אז צוליעב שוואַנגערשאַפט פון א פעראורטיילטער זאָל אבגעלעגט ווערען די אויספיהרונג פון דעם אורטייל.

pleas′ance *n.* (פּלעז′–ענס) פרייד, פרעהליכקייט, מונטערקייט, תענוג, פערגניגען; גוטער ווילען; אנגענעהמע מאַניערען, אנגענעהמע האַלטונג; א גאָרטען, א לוסט־גאָרטען.

pleas′ant *a.* (פּלעז′–ענט) אנגענעהם; פרעהליך, מונטער, לוסטיג.

pleas′antly *adv.* (פּלעז′–ענט–לי) מיט אנגענעהמליכקייט; אויף א פרעהליכען, מונטערען, לוסטיגען אופן.

pleas′antness *n.* (פּלעז′–ענט–נעס) אנגענעהמליכקייט; לוסטיגקייט, פרעהליכקייט, מונטערקייט.

pleas′antry *n.* (פּלעז′–ענ–טרי) לוסטיגקייט, פרעהליכקייט, מונטערקייט; וויציגקייט; א וויץ, א שפּאַס, א קאַטאָוועס; א שפּאַסיגער, לעכערליכער אויפטהו, בעוועגונג א. ז. וו.

At our first meeting we only exchanged **pleasantries**.

pleas′ant-spir′ited *a.* (פּלעז′–ענט–ספּיר′–אי–טעד) מונטער, לעבעדיג, לוסטיג.

pleas′ant-tongued *a.* (פּלעז′–ענט–טאַנגד) וואָס רעדט אנגענעהם.

please *v.* (פּליעז) געפעלען; זיין אנגענעהם; פערשאַפען פערגניגען; צופריעדענשטעלען; טהאָן א געפאַלען; ביטע!

pleased *a.* (פּליעזד) פערגניגט; צופריעדען.

plea′sedly *adv.* (פּליע′–זעד–לי) אויף א פערגניגענדען אופן; מיט פערגניגען, מיט צופריעדענהייט.

please God (פּליעז גאָד) הלואי! גיב גאָט!

please′man *n.* (פּליעז′–מען) א שמייכלער, א חונף, אן אונטערלעקער.

plea′ser *n.* (פּליע′–זער) איינער וואָס בעפריעדיגט אדער שטעלט צופריעדען.

please the pigs (פּליעז טהי פּיגז) אויב עס וועט מעגליך זיין, אויב די אומשטענדען וועלען ערלויבען.

plea′sing *a.* and *n.* (פּליע′–זינג) אנגענעהם, ליעבליך; געפעליג; אנגענעהמליכקייט; ליעבליכקייט; געפעליגקייט.

plea′singly *adv.* (פּליע′–זינג–לי) אויף אן אנגענעהמען אדער ליעבליכען אופן; געפעליג.

plea′singness *n.* (פּליע′–זינג–נעס) אנגענעהמליכקייט, געפעליגקייט, ליעבליכקייט.

pleas′urable *a.* (פּלעזש′–אור–עבל) 1. אנגענעהם, פערגניגענד; 2. פערגניגען־זוכענד.

1. Feeling is a state of consciousness which is either **pleasurable** or painful. 2. He is a man of a **pleasurable** turn of mind.

pleas′urableness *n.* (פּלעזש′–אור–עבל–נעס) אנגענעהמליכקייט, דאָס פערשאַפען פערגניגען.

pleas′urably *adv.* (פּלעזש′–אור–ע–בלי) אויף אן אנגענעהמען, פערגניגענדען אופן.

pleas′ure *n.* and *v.* (פּלעזש′–אור) פערגניגען, לוסט, פרייד; דער גוטער ווילען, דער רצון; א טובה, א געפעליגקייט; פערשאַפען פערגניגען.

pleas′ure-ground *n.* (פּלעזש′–אור–גראַונד) א פערגניגונגס־פּלאַץ, א לוסט־גאָרטען.

Coney Island is New York's **pleasure-ground**.

pleas′ure-house *n.* (פּלעזש′–אור–האַוס) א לוסט־הויז, א לאַנד־הויז, א זומער־הויז, א דאַטשע.

pleas′ureless *a.* (פּלעזש′–אור–לעס) וואָס פערשאַפט ניט קיין פערגניגען.

pleas′urer *n.* (פּלעזש′–אור–ער) א פערגניגונגס־זוכער, איינער וואָס יאָגט זיך נאָך פערגניגענס.

pleas′ure-train *n.* (פּלעזש′–אור–טריין) א לוסט־צוג, אן עקסקורסיאָן־צוג, אן אויספלוג־צוג.

pleas′ure-trip *n.* (פּלעזש′–אור–טריפּ) א לוסט־רייזע, א לוסט־אויספלוג.

pleat *n.* and *v.* (פּליעט) ז. *plait*

pleb *n.* (פּלעב) א פּלעבעער, איינער פון פּראָסטען פאָלק, א מענש פון המון.

plebe *n.* (פּליעב) אין די אמעריקאַנער מיליטערישע און פלאָט־אקאַדעמיעס — אן אנפאַנגער, א נײלינג.

plebe′ian *a.* and *n.* (פּלי–בי′–ען) פּלעבעאיש, געמיין, פּראָסט [וואָס געהערט צום פּראָסטען פאָלק]; א פּלעבעער, א פּראָסטער מענש, א מענש פון פּראָסטען פאָלק, א המון־מענש.

plebe′ianism *n.* (פּלי–בי′–ען–איזם) דאָס פּלעבעערטום; דאָס זיין פּלעבעאיש; פּראָסטקייט, וואולגאַריטעט.

plebe′ianize *v.* (פּלי–בי′–ען–איז) מאַכען פּלעבעאיש, מאַכען פּראָסט אדער וואולגאַר.

plebifica′tion *n.* (פּלעב–אי–פי–קיי′–שאָן) דאָס מאַכען פּלעבעאיש, געמיין, פּראָסט אדער וואולגאַר.

pleb′ify *v.* (פּלעב′–אי–פאַי) מאַכען פּלעבעאיש, מאַכען געמיין אדער פּראָסט, וואולגאַריזירען.

plebisci′ta *n.* (פּלעב–אי–סאַי′–טאַ) פּלעביסציטען. ז. *plebiscitum*

pleb′iscitary *a.* (פּלעב′–אי–סי–טע–רי) וואָס איז שייך צו א פּלעביסציט. ז. *plebiscite*

pleb′iscite *n.* (פּלעב′–אי–סיט) א פּלעביסציט, דער אויסדרוק פון פאָלקס ווילען דורך אן אלגעמיינער אבשטימונג; א געזעץ, וואָס פלעגט אין אלטען רוים דורכגעפיהרט ווערען דורך דער אבשטימונג פון פאָלק.

plebisci′tum *n.* (פּלעב–אי–סאַי′–טאַם) א פּלעביסציט, א געזעץ, וואָס פלעגט אין אלטען רוים דורכגעפיהרט ווערען דורך דער אבשטימונג פון פאָלק.

plebs *n.* (פּלעבז) דער המון, דאָס פּעבעל, דאָס פּראָסטע פאָלק.

plec′tra *n.* (פּלעק′–טראַ) בײנדלעך אדער אייזענדלעך צו שפּיעלען אויף א מאַנדאָלין אדער גיטאַרע. ז. *plectrum*

plec′tron *n.* (פּלעק′–טראָן) ז. *plectrum*

plec'trum *n.* (פלעק'-טראם) אזא קליין ביינדעל אדער אייזענדעל מיט וועלכען דער שפיעלער אויף א מאנדאלין אדער גיטארע קלאפט איבער די סטרונעס.

pled (פלעד) געמאכט א געריכטליכע ערקלערונג; פערטיידיגט. ז. *plead*

pledge *n. and v.* (פלעדזש) א פערשפרעכען, א פערזיכערונגס=ווארט; א משכון; ערבות, א זיכערהייטס=משכון; א גאראנטיע; א טרונק לחיים [ביי א פערשפרעכען]; א קינד; א נדר ניט צו געברויכען קיין אלקאהאלישע משקאות; געבען דאס ווארט, פערשפרעכען; פערמשכון'ען, פערזעצען; ערב זיין; פערזיכערען; גאראנטירען; טרינקען לחיים [ביי אן אבמאך אדער א פערשפרעכען].

pledge'-cup *n.* (פלעדזש'-קאפ) א כוס צו טרינקען לחיים, א גרויסער כוס וואס געהט פון האנד צו האנד.

pledgee' *n.* (פלע-דזשיע') איינער ביי וועמען מען לעגט איין א משכון; איינער וואס לייהט געלד אויף משכנות.

pledge'less *a.* (פלעדזש'-לעס) אהן א משכון, אהן א גאראנטיע.

pledge one's self (פלעדזש הוואנז סעלף) זיך פערפפליכטען.

pledge'or *n.* (פלעדזש'-אר) איינער וואס גיט א משכון, אן ערב.

pledg'er *n.* (פלעדזש'-ער) דער וואס גיט א משכון; אן ערב; איינער וואס גיט א פערשפרעכען; א צוטרינקער, איינער וואס טרינקט לחיים.

pledg'et *n.* (פלעדזש'-עט) א קליין קישעלע פון וואטע אדער מארלע, וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף א וואונד איינצוזויגען די פלאגמע [אייטער].

Plei'ad *n.* (פלאי'-עד) די פלעיאדע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינע פון אטלאס'עס זיבען טעכטער, וועלכע צעאוס האט פערוואנדעלט אין שטערען]; א שטערן פון א געוויסער גרופע קליינע שטערן.

Pleis'tocene *n.* (פלאיס'-טא-סין) אין געאלאגיע — די קווארטער=צייט, די לעצטע פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד; דער אונטערשטער שיכט פון דער ערד וואס האט זיך אויסגעבילדעט אין דער קווארטער=צייט.

ple'narily *adv.* (פלי'-נע-רי-לי) אין פולען; פאלשטענדיג.

ple'nariness *n.* (פלי'-נע-רי-נעס) פולקייט, פאלשטענדיגקייט.

ple'narty *n.* (פלי'-נער-טי) א קירכליכע שטעלע וואס איז שוין פערנומען.

ple'nary *a.* (פלי'-נע-רי) פול, פאלשטענדיג, פאלקאמען; אין יוריספרודענץ — וואס איז דורכגעגאנגען אלע פארמאליטעטען [וועגען א פראצעס]; וואס האט פאלמאכט.

ple'nary indul'gence (פלי'-נע-רי אינ-דאל'-דזשענס) דאס בעפרייען פון אלע שטראפען וואס עס קומט פאר א זינד.

ple'nary inspira'tion (פלי'-נע-רי אינ-ספי-ריי'-שאן) די פאלשטענדיגע געטליכקייט פון די הייליגע שריפטען [ביבעל] אין אלע זייערע טיילען.

plenip'otence *n.* (פלי-ניפ'-א-טענס) פאלמאכט.

plenip'otent *a.* (פלי-ניפ'-א-טענט) פאלמעכטיג.

plenipoten'tiary *n. and a.* (פלענ-אי-פא-טענ'-שי-ע-רי) א בעפאלמעכטיגטער; א בעפאלמעכטיגטער געזאנדטער; א משולח מיט א פאלמאכט; בעפאלמעכטיגט.

plen'ish *v.* (פלענ'-איש) אנפילען.

plen'ishing-nail *n.* (פלענ'-איש-אינג-נייל) א דיל=נאגעל [א טשוואק אויף צוצושלאגען דילען=ברעטער].

ple'nist *n.* (פלי'-ניסט) איינער וועלכער האלט פון דער טעאריע, אז עס עקזיסטירט ניט אין דער נאטור א פאלשטענדיג לעדיגער אדער פוסטער רוים.

plen'itude *n.* (פלענ'-אי-טיוד) איבערפלוס, פולקייט; פאלשטענדיגקייט.

plenitu'dinary *a.* (פלענ-אי-טיו'-די-נע-רי) פול; פאלשטענדיג.

plen'teous *a.* (פלענ'-טי-אס) 1. רייכליך, איבערגענוג; 2. פרוכטבאר, פראדוקטיוו.

1. They have a **plenteous** supply of provisions. 2. The seven **plenteous** years.

plen'teously *adv.* (פלענ'-טי-אס-לי) אין איבערפלוס; איבערגענוג; בשפע.

plen'teousness *n.* (פלענ'-טי-אס-נעס) דאס זיין איבערגענוג; איבערפלוס, רייכליכקייט; שפע.

plen'tiful *a.* (פלענ'-טי-פול) ז. *plenteous*

plen'tifully *adv.* (פלענ'-טי-פול-אי) ז. *plenteously*

plen'tifulness *n.* (פלענ'-טי-פול-נעס) ז. *plenteousness*

plen'ty *n. and a.* (פלענ'-טי) איבערפלוס, פיעלקייט, שפע; פיעל, גענוג, רייכליך.

ple'num *n.* (פלי'-נאם) א פולער רוים [אין געגענזאץ צו א וואקואום]; פולקייט [אין געגענזאץ צו פוסטקייט].

ple'onasm *n.* (פלי'-א-נעזם) אן איבערפלוס פון ווערטער [דאס געברויכען מעהר ווערטער ווי עס איז נויטיג אויסצודריקען א געדאנק]; אן אויסדרוק וועלכער ענטהאלט אן איבערפלוס פון ווערטער; אין מעדיצין — איבערפלוס אין צאהל אדער גרויס.

ple'onast *n.* (פלי'-א-נעסט) איינער וואס געברויכט אין ריידען אדער שרייבען מעהר ווערטער ווי עס איז נויטיג.

ple'onaste *n.* (פלי'-א-נעסט) דער פלעאנאסט [א מין מינעראל].

pleonas'tic *a.* (פלי-א-נעס'-טיק) וואס האט אן איבערפלוס אין ווערטער.

pleonas'tical *a.* (פלי-א-נעס'-טי-קעל) ז. *pleonastic*

pleonas'tically *adv.* (פלי-א-נעס'-טי-קעל-אי) מיט אן איבערפלוס אין ווערטער; ברויכענדיג איבריגע ווערטער.

pleonex'ia *n.* (פלי-א-נעק'-סי-א) קראנקהאפטע זשעדנעקייט אדער זעלבסטזוכט.

plero'ma *n.* (פלי-ראו'-מא) פולקייט, איבערפלוס; אין דער פילאזאפיע פון די גנאסטיקער — די וועלט פון גייסט, די וועלט פון ליכט.

plesiomor'phic *a.* (פלי-סי-א-מאהר'-פיק) ז. *plesiomorphous*

plesiomor'phism *n.* (פלי-סי-א-מאהר'-פיזם) די בעציהונג צווישען קריסטאלען וועלכע האבען א שטארקע עהנליכקייט אין זייער פארם אבער זיי זיינען דאך ניט גלייך.

plesiomor'phous *a.* (פלי-סי-א-מאהר'-פאס) אין מינעראלאגיע — שטארק עהנליך אין דער פארם [וועגען קריסטאלען].

Plesiosau'rus *n.* (פלי-סי-א-סאה'-ראס) אזא ים=רעפטיל מיט א לאנגען האלז [פון די פארהיסטארישע חיות, וועלכע מען געפינט פערשטיינערטע אין דער ערד].

plessim'eter *n.* (פלע-סימ'-ע-טער) ז. *pleximeter*

pleth'ora *n.* (פלעטה'-א-רא) פול=בלוטיגקייט; איבערפולקייט, איבערפילטקייט.

There is a **plethora** of musical talent in our society.

plethoret'ic *a.* (פלעטה-א-רעט'-איק) ז. *plethoric*

plethoret'ical *a.* (פלעטה-א-רעט'-אי-קעל) ז. *plethoric*

plethor'ic *a.* (פלי-טהאר'-איק) פול=בלוטיג; פול=זאפטיג; פול, איבערפילט.

plethor'ical *a.* (פלי-טהאר'-אי-קעל) ז. *plethoric*

plethor'ically *adv.* (פלי-טהאר'-אי-קעל-אי) פול=בלוטיג, פול=זאפטיג; פול, איבערפילט.

pleu'ra *n.* (פלוה'-רא) דאס ריפען=פעל, דאס ברוסט=פעל [די דינע שליימיגע הויט וואס בעדעקט דאס אינערע פון ברוסט=קאסטען און שליסט איין די לונגען ווי א זעקעל]; זייט=טיילען פון קערפער [הויפטזעכליך פון דער ברוסט. ז. *pleuron*].

pleu'ral *a.* (פלוה'-רעל) וואס איז שייך צום ריפען=פעל אדער ברוסט=פעל. ז. *pleura*

pleural'gia *n.* (פלו-רעל'-דזשי-א) א שמערץ אין ריפען=פעל, א שמערץ אין דער זייט.

pleu'ric *a.* (פלוה'-ריק) ז. *pleural*

pleu'risy *n.* (פלוה'-רי-סי) פלעווריט, אן ענטצינדונג פון ריפען=פעל אדער ברוסט=פעל. ז. *pleura*

pleu'risy-root *n.* (פלוה'-רי-סי-רוהט) דער ווארצעל פון שוואלב=קרויט [א געוויסע אמעריקאנישע פלאנצע, וועלכע ווערט געברויכט אין דער מעדיצין].

pleurit'ic *a.* (פלו-ריט'-איק) וואס ליידט פון אן ענטצינדונג פון ריפען=פעל אדער ברוסט=פעל. ז. *pleura*

pleurit'ical *a.* (פלו-ריט'-אי-קעל) ז. *pleuritic*

pleuri'tis *n.* (פלו-ראי'-טיס) ז. *pleurisy*

pleurodyn'ia *n.* (פלוה-רא-דינ'-אי-א) א שמערץ אין די מוסקולען פון דער ברוסט.

pleu'ron *n.* (פלוה'-ראן) א זייט=טייל אדער זייט=אויסזעהן פון קערפער; די זייט פון דער ברוסט.

pleuropneumo'nia *n.* (פלוה-רא-ניו-מאו'-ני-א) א לונגען און ברוסט=פעל ענטצינדונג; אן אנשטעקיגע קראנקהייט פון בהמות, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט דער ענטצינדונג פון דעם ברוסט=פעל און די לונגען.

plex *v.* (פלעקס) פערפלאנטערען, פערפלעכטען; מאכען ווי א נעץ=ווערק.

plexed *a.* (פלעקסט) פערפלאנטערט, פערפלאכטען, געמאכט ווי א נעץ=ווערק.

plex'iform *a.* (פלעק'-סי-פארם) פערפלאנטערט, פערפלאכטען; עהנליך צו א נעץ=ווערק.

plexim'eter *n.* (פלעק-סימ'-ע-טער) אזא לאנגליכע פלאטע פון עלפענביין אדער פון הארטען גומי וואס דאקטוירים געברויכען ארויפצולעגען אויף'ן קערפער ביים אויסקלאפען די ברוסט אדער בויך ביי דער אונטערזוכונג פון אן איינערליכער קראנקהייט.

plex'ure *n.* (פלעק'-שור) א פערפלעכטונג.

plex'us *n.* (פלעק'-סאס) א נעץ=ווערק, א

נעפלעכט; דאס נעפלעכט פון די נערוועז אדער פון די אדערען אין קערפער.

pliabil'ity *n.* (פלאי'-ע-ביל'-אי-טי) בויגזאמקייט; נאכגיביגקייט.

pli'able *a.* (פלאי'-עבל) 1. בויגזאם; 2. נאכגיביג; וואס לאזט זיך בויגען, וואס גיט זיך אונטער.
2. He is of a pliable disposition.

pli'ableness *n.* (פלאי'-עבל-נעס) בויגזאמקייט; דאס לאזען זיך בויגען; נאכגיביגקייט.

pli'ably *adv.* (פלאי'-ע-בלי) אויף א בויגזאמען אופן; נאכגיביג, לאזענדיג זיך בויגען.

pli'ancy *n.* (פלאי'-ען-סי) בויגזאמקייט; נאכגיביגקייט.

pli'ant *a.* (פלאי'-ענט) בויגזאם; וואס לאזט זיך בויגען, נאכגיביג.

pli'antly *adv.* (פלאי'-ענט-לי) אויף א בויגזאמען אופן; נאכגיביג.

pli'antness *n.* (פלאי'-ענט-נעס) בויגזאמקייט; נאכגיביגקייט.

pli'ca *n.* (פלאי'-קא) א קאלטון [פון די האר]; אין באטאניק — אזא קראנקהייט פון פלאנצען דורך וועלכער די שפראץ=אויגלעך ענטוויקלען זיך ניט אין ווירקליכע צווייגען נאר זיי וואקסען אויס אין קאלטונעוואטע קורצע צווייגעלעך; אין זאאלאגיע און אנאטאמיע — א פאלט, א קנייטש.

pli'ca polon'ica (פלאי'-קא פא-לאנ'-אי-קא) א קאלטון [פון די האר].

pli'cate *a.* (פלאי'-קייט) געקנייטשט אדער געפאלבט [געפאלטעט] ווי א פעכער [וועגען א בלאט]; מיט קנייטשען, מיט פאלטען.

pli'cated *a.* (פלאי'-קיי-טעד) ז. ***plicate***

plica'tion *n.* (פלאי-קיי'-שאן) דאס קנייטשען, דאס פאלטען; דאס זיין געקנייטשט, דאס זיין געפאלבט [געפאלטעט]; א פאלב, א פאלט.

plic'ative *a.* (פליק'-ע-טיוו) ז. ***plicate***

plica'tor *n.* (פלאי-קיי'-טאר) א פאל=טער, א פאלבען=לעגער [א פאררישטונג ביי א נעה=מאשין צו מאכען פאלבען].

plic'ature *n.* (פליק'-ע-טשור) ז. ***plication***

pli'er *n.* (פלאי'-ער) א בויגער, א פאל=טער; אן ארבייטזאמער, א פלייסיגער ארבייטער.

pli'ers *n.* (פלאי'-ערז) א דראט=צוויינגעל; [א קליין צוויינגעל צו בויגען דראט]; אין מיליטערישע בעפעסטיגונגס=ווערק — א באלאנס=געוויכט פון קלעצער אויפצוהייבען און אראבצולאזען א אויפציה=בריק.



Pliers

plight *n. and v.* (פלאיט) א פייערליכער צוזאג אדער פערשפרעכען; א פאנד, א משכון; א צושטאנד, א לאגע; א שלעכטע לאגע; פערבינדען זיך דורך א פייערליכען פערשפרעכען אדער דורך א משכון.

pligh'ter *n.* (פלאי'-טער) איינער וואס גיט ערבות אדער זיין ווארט; אן ערב; ערבות.

Plin'ian *a.* (פלינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו פליניאוס [אן אלט=רוימישער שרייבער און נאטור=פארשער].

plinth *n.* (פלינטה) דער פלינטוס [דער אונטערשטער גרונד=שטיין פון א זייל, א וואנד אדער א גע=שטעל פון א סטאטוע].

Plinth

Pli'ocene *n.* (פלאי'-א-סין) אין געאלא=גיע — פליאצענע, די דריטע און לעצטע געאלאגישע פארמאציאן פון דער טער=טיער=צייט [א בעשטימטע פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד].

ploc *n.* (פלאק) א צונויפמישונג פון האר מיט פעך, מיט וועלכער מען שמירט אויס דעם אונטערשטען דעק פון א שיף.

plo'ce *n.* (פלאָ'-סי) — אין רעטאריק דאס איבער'חזר'ען א ווארט צוויי אדער מעהרערע מאל אין איין פראזע, צוגעבענ=דיג צום איבערגע'חזר'טען ווארט עטוואס אן אנדער בעדייטונג [ווי למשל, "א מענש דארף זיין א מענש"].

plod *v.* (פלאד) זיך שלעפען מיט מיה; שווער ארבייטען, זיך אנשטרענגען, זיך אבמאטערען, זיך פלאגען.

plod'der *n.* (פלאד'-ער) א פלייסיגער ארבייטער, א הארָאפּאשניק, איינער וואס ארבייט שווער.

plod'ding *a. and n.* (פלאד'-אינג) אר=בייטזאם, וואס ארבייט שווער, וואס פלאגט זיך; הארעוואניע, אנשטרענגונג, ארבייטזאמקייט.

plod'dingly *adv.* (פלאד'-אינג-לי) פלאגענדיג זיך, שווער ארבייטענדיג, אנ=שטרענגענדיג זיך.

plon'ket *n.* (פלאנ'-קעט) א גראבער וואָ=לענער שטאף.

plot *n. and v.* (פלאט) א פלאץ, א שטי=קעל לאנד; א פלאן פון א פלאץ אדער שטיקעל לאנד; א פלאן, א פראיעקט; א קאנספיראציע, א געהיימע פערשווערונג; די אינטריגע אדער די פאנאנדערוויקלונג פון פאסירונגען אין א ליטערארישען ווערק; פעהיגקייט אויסצולעגען פלענער; א המצאה, אן איינפאל, אן ערפינדונג; פראיעקטירען, פלאנעווען; מאכען אדער פארלעגען א פלאן; קאנספירירען, מאכען א געהיימע פערשווערונג.

plot'ful *a.* (פלאט'-פול) פול מיט פלע=נער, מיט אינטריגעס, מיט פערשווערונ=גען.

plot'-proof *a.* (פלאט'-פרוהף) געזיכערט געגען אינטריגעס.

plot'ter *n.* (פלאט'-ער) א פלאן=מאכער; א פערשווערער, אן אינטריגאנט; א קאנ=ספיראטאר.

plot'ting *n.* (פלאט'-אינג) דאס מאכען א פלאן אדער א קארטע; דאס קאנספירי=רען, דאס מאכען א געהיימע פערשווערונג; אין זייף=מאנופאקטור — דאס פרעסען אויף דעם ווייכען זייף=שטאף מיט א שווערען דרוק אום צו מאכען איהם הארט.

plot'tingly *adv.* (פלאט'-אינג-לי) אויף א קאנספיראטיווען אופן; מעשה אינטרי=גאנט.

plot'ting-machine' *n.* (פלאט'-אינג-מע-שין') א מין פרעס אויסצודריקען פון שיטערער זייף הארטע שטיקער.

plot'ting-scale *n.* (פלאט'-אינג-סקייל) ביי ערד=מעסטער — די סקאלא אדער מאסשטאב אבצולעגען ליניען און ווינקלען אויף א פלאן אדער קארטע.

plough *n. and v.* (פלאו) ז. ***plow***

plough'able *a.* (פלאו'-עבל) ז. ***plowable***

plough'boy *n.* (פלאו'-באי) ז. ***plowboy***

plough'land *n.* (פלאו'-לענד) ז. ***plowland***

plough'man *n.* (פלאו'-מען) ז. ***plowman***

plough'wright *n.* (פלאו'-ראיט) ז. ***plowwright***

plov'er *n.* (פלאוו'-ער) דער רעגען=פייפער [אזא פויגעל]. ז. ***golden plover***

plow *n. and v.* (פלאו) א סאכע, אן אקער=אייזען, א פלוג; אקערבוי, אגרי=קולטור; אן אינסטרומענט, וואס גראבט, שניידט אויס, הובעלט א. ז. וו. ווי אן אקער=אייזען [ווי דער בעשנייד=הובעל פון א בוכבינדער, דער אינסטרומענט צו בעשניידען די ווארסע פון צייג אין מוך=מאנופאקטור א. ד. ג.]; אקערען; מאכען א שרונט [ווי מיט אן אקער=אייזען]; דורכשניידען [די וועלען פון ים]; געהן פארווערטס; בעשניידען די ברעגעס פון צונויפגעלעגטען פאפיער [ווי ביי בוכ=בינדעריי].

Plow

plow'able *a.* (פלאו'-עבל) וואס מען קען אקערען.

plow'-alms *n.* (פלאו'-אמז) דער פלוג=שטייער [דער שטייער וואס מען פלעגט אמאל צאהלען דער קירך פון יעדען אקער פעלד].

plow'-beam *n.* (פלאו'-ביעם) דער פלוג=באלקען [א דיקער שטאנג אדער באלקען וואס שטארצט ארויס האריזאנטאל פון פלוג אדער אקער=אייזען און צו וועלכען מען שפאנט צו די פערד].

plow'-bolt *n.* (פלאו'-באולט) א באלץ, וועלכער פערפעסטיגט צום פלוג=שטאנג די לאפעטקע אדער דאס אייזען, וואס קעהרט איבער די אויפגעאקערטע ערד.

plow'boy *n.* (פלאו'-באי) א יונגער אקערמאן; אן אונגעבילדעטער דארפס=יונג.

plow'er *n.* (פלאו'-ער) אן אקער=בויער, אן ערד=ארבייטער.

plow'-han'dle *n.* (פלאו'-הענ'דל) דאס הענטעל פון אן אקער=אייזען אדער פלוג.

plow'-horse *n.* (פלאו'-האהרס) אן אקער=פערד, א פערד וואס ווערט בע=נוצט אין אקערבוי.

plow in (פלאו אין) איינאקערען זאמען אין דער ערד.

plow'ing *n.* (פלאו'-אינג) דאס אקערען, דאס בעארבייטען די ערד.

plow'land *n.* (פלאו'-לענד) אקער=לאנד; א שטיק ערד, וועלכע מען קען בעארביי=טען מיט איין פלוג.

plow'man *n.* (פלאו'-מען) אן אקער=מאן, אן אקער=בויער; א דארפסמאן, א פויער; א שטארקער, געזונטער ארבייטער.

plow'man's spike'nard (פלאו'-מענז ספאיק'-נארד) א מין איירָאפּעאישעס גראז מיט דיקע בלעטער און מיט א אראמאטי=שען גערוך.

Plow Mon'day (פלאו מאנ'-דיי) דער ערשטער מאנטאג נאך עפיפאניאס [דער קריסטליכער יום טוב פון 6טען יאנואר.

ז. [*Epiphany*], ווען עס הויבען זיך אן די ערשטע פעלד=ארבייטען.

plow one's way (פלאו וואַנז וויי) זיך דורכברעכען א וועג, מאכען זיך א קאריערע.

plow out (פלאו אוט) ז. *plow up*

plow'-ra'ker *n.* (פלאו'–ריי'–קער) די לאפעטקע מיט וועלכער מען שאבט אראב די ערד פון פלוג.

plow'share *n.* (פלאו'–שעהר) דאס שאר= פע אייזען=שטיק פון א פלוג וואס שניידט די ערד.

plow'-staff *n.* (פלאו'–סטעף) ז. *plow-raker*

plow'-swain *n.* (פלאו'–סוויין) ז. *plowman*

plow'-tail *n.* (פלאו'–טייל) ז. *plow-handle*

plow the waves (פלאו טהי וועיווז) דורכשניידען די וועלען פון ים; דורכשניי= דען זיך א וועג; געהן פארווערטס [וועג= גען א שיף].

plow'-tree *n.* (פלאו'–טריע) ז. *plow-handle*

plow'-truck *n.* (פלאו'–טראק) א זיץ= פלאץ פאר'ן אקערער אויף אן אקער=איי= זען.

plow up (פלאו אפ) אויס=, אויסאקערען, רייסען מיט א פלוג ווארצלען, ווילד גראז א. ז. וו.; ארויסאקערען; ארויסרייסען פון דער ערד.

plow'-wise *a.* (פלאו'–וואיז) געהענד היו און צוריק אין פאראלעלע ליניען [ווי ביים אקערען].

plow'wright *n.* (פלאו'–ראיט) א פלוג= מייסטער, איינער וועלכער מאכט אדער פעררירכט פלוגען אדער אקער=אייזענס.

pluck *v. and n.* (פלאק) פליקען, שטשי= פען; רייסען, צופען; ציהען, שלעפען; א ציה טהאן, א שטשיפ טהאן; א ציה, א צופ; דאס צופען, דאס שטשיפען; דאס הארץ, די לונג און לעבער פון א בהמה אדער חיה; מוטה, קוראזש, ענערגיע.

pluck a crow (פלאק ע קראו) זיך האמ= פערען; קריעגען זיך.

pluck asun'der (פלאק ע-סאנ'–דער) פאנאנדערדרייסען.

pluck away' (פלאק ע-הוויי') אברייסען.

pluck down (פלאק דאון) אראבריסען, אראבברעכען, ארונטערדרייסען, פערניכטען.

plucked *a.* (פלאקט) מוטיג, ענערגיש, דרייסט; ארומגעשארען די לאנגע האר [פון פילץ אדער פעלץ].

pluck'er *n.* (פלאק'–ער) א פליקער, א צופער; א וואל=צופ=מאשין [א מאשין צו צופען און רייניגען וואל און פערפערטי= גען זי צום בערשטען].

pluck forth (פלאק פאורטה) ז. *pluck out*

pluck'ily *adv.* (פלאק'–אי-לי) אויף א מוטיגען אדער ענערגישען שטייגער; מיט מוטה, מיט קוראזש.

pluck'iness *n.* (פלאק'–אי-נעס) דרייסט= קייט, מוטיגקייט; קוראזש.

pluck'less *a.* (פלאק'–לעס) מוטלאז, אבהעגטיג; אהן ענערגיע.

pluck off (פלאק אף) ארונטערגעהן אין ראנג; ווערען נידריגער אין גראד.

pluck out (פלאק אוט) ארויסרייסען; ארויסצופען, אויספליקען.

pluck up (פלאק אפ) אויס=, ארויסרייסען, יעטען; אויסווארצלען, פערניכטען; פאַ= סען מוטה; ווערען ענערגיש.

pluck'y *a.* (פלאק'–אי) דרייסט, ענערגיש; מוטיג.

pluff'y *a.* (פלאפ'–אי) אויפגעבלאזען; אויפגעשווילבערט.

plug *n. and v.* (פלאג) א שטעפסעל, א שפונט, א העלצעל אדער פלעקעל מיט וועלכען מען פערשטאפט א לאך אדער חלל; די פלאמבע, מיט וועלכער א צאהנ= דאקטאר פערשטאפט דאס לעכעל פון אן אויסגעפרעסענעם צאהן; א פלאך לענגליך שטיק פון צוזאמענגעפרעסטען טאבאק; א צילינדער=הוט; אן אנבגעניצטע אדער אויסגעטראגענע זאך; א קורצער און דיי= קער מענש; א בעל=מלאכה, וועלכער איז פון אנפאנג ניט געווען אין דער לעהרע ווי אנדערע בעלי=מלאכות; פערשטאפען, ארייננשטעקען א שפונט; אבהאלטען עפעס דורך פערשטאפען די עפנונג.

plug'board *n.* (פלאג'–באורד) אין עלעק= טרישער אפאראט, וועלכער פעראייניגט אדער אונטערברעכט פערשיעדענע עלעק= טרישע שטראמען דורך שטעפסלען וואס ווערען אריינגעשטעלט אין די פערשיע= דענע לעכלעך, וועלכען זיינען געמאכט פאר דעם צוועק.

plug'-cock *n.* (פלאג'–קאק) א קראן אין א רעהר, וועלכער פערשליסט אדער עפענט אויף דעם דורכגאנג פון א פליסיגקייט, וועלכע דארף פליסען דורך דער רעהר.

plug'-fin'isher *n.* (פלאג'–פינ'–איש- ער) ביי דענטיסטען — א דין פייל=אַב= צוגלעטען א פלאמבע, מיט וועלכער מען פילט אן א צאהן.

plug'ger *n.* (פלאג'–ער) דער אינסטרו= מענט ביי דענטיסטען, מיט וועלכען זיי לעגען אריין א פלאמבע אין א לעכערדי= גען צאהן; איינער אדער עטוואס וואס פערשטאפט.

plug'ging-for'ceps *n.* (פלאג'–אינג- פאהר'–סעפס) ז. *plugger*

plug'-hat *n.* (פלאג'–העט) א צילינדער= הוט.

plug'-hole *n.* (פלאג'–האול) דאס לאך פאר א קארק אדער שפונט.

plug'-machine' *n.* (פלאג'–מע-שין') א קארק אדער שפונט=מאשין.

plug'-ug'ly *n.* (פלאג'–אג'–לי) א חולי= גאן, א רויבער אין א שטאדט.

plum *n.* (פלאם) א פלוימען; א פלוים= בוים; א גוטע, געשמאקע זאך; דער בעס= טער טייל; א ראזשינקע; א קאפיטאל פון 100,000 פונט שטערלינג, א רייכטום.

plu'ma *n.* (פלוה'–מא) א פעדער פון א פויגעל [אין אונטערשיעד פון די פוך= פעדערען].

plu'mage *n.* (פלוה'–מעדזש) די פעדערען פון א פויגעל.

plu'maged *a.* (פלוה'–מעדזשד) געפעָ= דערט, בעדעקט אדער בעוואקסען מיט פע= דערען.

plumassier' *n.* (פלוה-מע-סיער') איי= נער וואס פאבריצירט אדער פערקויפט פע= דערען [פאר היט א. ד. ג.].

plumb *n., a. adv. and v.* (פלאם) דער בליי=לאט, דער זענק=לאט [א בליי=געוויכט וואס הענגט ארונטער אויף א שנירעל צו מעסטען די גראדקייט פון די ווענד פון א געביידע]; דאס ווערטיקאלע אראבהענ= גען פון א בליי=לאט; אראבהענגענד, ווער= טיקאל; זענקרעכט, פערפענדיקולאר; אויפריכטיג, אויסגעהאלטען [וועגען א פערזאן]; אין א ווערטיקאלער ריכטונג; אראבהענגענדיג גלייך ארונטער; גלייך אין פונקט אריין; פאלשטענדיג; לאזען אראב= הענגען ווערטיקאל; ריכטען נאך'ן בליי= לאט; פעסטשטעלען די גרויס, די מאס, די ריכטונג א. ד. ג.; בעזארגען א געביי=

דע מיט די נויטיגע רעהרען און איינריכ= טונגען פאר גאז און וואסער.

plumbag'inous *a.* (פלאמ-בעדזש'-אי- נאס) פון בליי=ערץ, פון גראפיט אדער שווארץ=בליי.

plumba'go *n.* (פלאמ-ביי'-גאו) בליי= ערץ, שווארץ=בליי, גראפיט.

plumb'-bob *n.* (פלאמ' – באב) דער פיאן, דאס געוויכט וואס הענגט ארונ= טער אויף'ן שנירעל פון א בליי=לאט אדער זענק=לאט.


Plumb-bob

plumb down (פלאם דאון) גלייך אראב.

plum'bean *a.* (פלאמ'-בי-ען) פון בליי; עהנליך צו בליי; שווער.

plum'beous *a.* (פלאמ'-בי-אס) א בליי= ענער, פון בליי; שווער; פון א בלייער= נעם קאליר.

plumb'er *n.* (פלאמ'-ער) א בליי=גיסער, א בליי=ארבייטער; א מייסטער פון בליי= רעהרען; אן ארבייטער וואס פיהרט איין און געביידען גאז=רעהרען, וואסער=רעהרען, אבגוס=רעהרען א. ד. ג.

plumb'ery *n.* (פלאמ'-ער-אי) בליי=אר= בייט; בליי=גיסעריי; דאס מאכען בליי= רעהרען; דאס איינפיהרען גאז=רעהרען, וואסער=רעהרען א. ד. ג.

plum'bic *a.* (פלאמ'-ביק) וואס איז שייך צו בליי, פון בליי.

plumbif'erous *a.* (פלאמ-ביפ'-ע-ראס) בליי=אנטהאלטענד; בליי=ארויסגעבענד.

plumb'ing *n.* (פלאמ'-אינג) דאס אויס= לעגען פערשיעדענע רעהרען און טרויבען אין א געביידע כדי דורכצופיהרען דורך זיי גאז, וואסער. א. ד. ג.; די סיסטעם פון גאז=רעהרען, וואסער=טרויבען א. ד. ג. אין א הויז; די מעסטונג פון גראדקייט אדער טיעפקייט דורך א בליי=וואג.

plum'bism *n.* (פלאמ'-ביזם) אין מעדי= צין — בליי=פערגיפטונג.

plumb'less *a.* (פלאמ'-לעס) וואס קען ניט אויסגעמעסטען אדער דערגרונטעוועט ווערען מיט א זענק=לאט אדער בליי=וואג; אונמעסטבאר, וואס קען ניט דערגרונטע= וועט ווערען.

plumb'-lev'el *n.* (פלאמ'-לעוו'-על) א בליי=וואג אויף א שנירעל וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די גראדקייט פון א פלעכע.

plumb'-line *n. and v.* (פלאמ'-לאין) א בליי=שנור, א בליי=וואג [א בליי=געוויכט אויף א שנירעל צום מעסטען גראדקייטען אדער טיעפקיי= טען]; מעסטען מיט א בליי= וואג.

Plumb-rule

plumb o'ver (פלאם או'-ווער) גלייך ארויף.

plumb'-rule *n.* (פלאמ'- רוהל) א מין ווירע אדער לי= נעאל מיט א בליי=וואג אויף א שנירעל.

plum'bum *n.* (פלאמ'-באם) בליי.

plum'-cake *n.* (פלאמ'-קייק) א פלוימען=באבקע, א קוכען מיט ראזשינקעס.

plum'-col'or *n.* (פלאמ'-קאל'-אר) פלוימען=קאליר; פלוימען=פארב.

plum'-col'ored *a.* (פלאמ׳-קאל׳-ארד) פלוימען=פארביג; וואס האט דעם קאליר פון פלוימען.

plume *n. and v.* (פלוהם) א פעדער; א הוט=פעדער; אן עהרען=צייכען, אן אויסצייכנונגס=צייכען; עטוואס פעדערארטיגעס; בריינגען אין ארדנונג, אויסלעגען די פעדערען [ביי פויגלען]; אבפליקען די פעדערען; בעציערען; בעציערען מיט א פעדער; שטאלצירען, זיך בעריהמען, זיך גרויסען.

plume'-al'um *n.* (פלוהמ׳-על׳-אם) פעדער=אלוין [א מין אלוין וואס האט דאס אויסזעהן פון פעדערען].

plume'-bird *n.* (פלוהמ׳-בוירד) א פויגעל וועמעס פעדערען ווערען געברויכט אלס הוט=בעפוצונג; א מין פאראדיז=פויגעל מיט לאנגע פעדערען אויפ'ן עק, וועלכע ווערען געברויכט אלס בעפוצונג. ז. *Epimachus*

plume'-hol'der *n.* (פלוהמ׳-האול׳-דער) א פעדער=האלטער [א קלאמער אדער אנדער פארריכטונג צו בעפעסטיגען א פעדער, ווי למשל אויף א הוט].

plume'less *a.* (פלוהמ׳-לעס) ניט בעפעדערט, אהן פעדערען.

plume'let *n.* (פלוהמ׳-לעט) א פעדערעל; א פוך=פעדערעל.

plume'-ma'ker *n.* (פלוהמ׳-מיי׳-קער) איינער וואס ארבייט אויס פעדערען [אלס בעפוצונג].

plume'-moth *n.* (פלוהמ׳-מאטה) א פעדער=מאטען=פליגעלע [אזא קליין מאטען = פליגעלע, ביי וועלכען די פליגעלעך זיינען פאנאנדערגעשפאלטען אין פעדערען=עהנליכע טיילען].

Plume-moth

plume'-nut'meg *n.* (פלוהמ׳-נאט׳-מעג) דער פעדער=מוסקאט=בוים [אזא גרויסער שמעקעדיגער אויסטראלישער בוים].

plume'-plucked *a.* (פלוהמ׳-פלאקט) ארומגעפליקט; אראבגעזונקען, ערנידריגט.

plu'mery *n.* (פלוה׳-מע-רי) פעדערען [קאלעקטיוו], פעדערען=בעפוצונג.

plu'micorn *n.* (פלוה׳-מי-קאהרן) א פעדער=אויער אדער פעדער=הארן [איינער פון די צוויי בינטלעך האר אויפ'ן קאפ פון א נאכט=אוילע אדער סאווא].

plumig'erous *a.* (פלו-מידזש׳-ע-ראס) בעפעדערט; וואס האט פעדערען.

plu'miped *a. and n.* (פלוה׳-מי-פעד) וואס האט פעדערען אויף די פיס; א פויגעל מיט בעפעדערטע פיס.

plu'mipede *a. and n.* (פלוה׳-מי-פיעד) ז. *plumiped*

plu'mist *n.* (פלוה׳-מיסט) איינער וואס ארבייט אויס פעדערען [פאר בעפוצונג].

plum'-loaf *n.* (פלאמ׳-לאוף) ז. *plum-pie*

plum'mer *n.* (פלאמ׳-ער) ז. *plumber*

plum'met *n. and v.* (פלאמ׳-עט) א בליי=געוויכט, א זענק=בליי; אבוועגען מיט א בליי=געוויכט.

plum'my *a.* (פלאמ׳-אי) עהנליך צו א פלוים; פול מיט פלוימען; ווייך, גוט, ווינשענסווערטה, אויסגעצייכענט.

plu'mose *a.* (פלוה׳-מאוס) בעפעדערט, בעדעקט מיט פעדערען; פעדערדיג.

plumos'ity *n.* (פלו-מאס׳-אי-טי) דאס האבען אויף זיך פעדערען; פעדערדיגקייט.

plu'mous *a.* (פלוה׳-מאס) ז. *plumose*

plump *a., adv. and v.* (פלאמפ) 1. פול, אנגעפילט, פאנאנדערגעלאזען; קיילעכדיג, דיק, פעט, גרויס; 2. אפען, גראב; 3. מיט איין מאל, פלוצלונג, אונערווארטעט, אומגעלומפערט, פאלענדיג שווער ווי א קלאץ; גראד אראב; גראד, דירעקט; 4. ווערען דיק, פעט, קיילעכדיג אדער פול; מאכען דיק, פעט, קיילעכדיג אדער פול; 5. פאלען ווי א קלאץ [שווער און פלוצלונג]; א ווארף טהאן שווער און אונערווארטעט; 6. ארויסשיסען אומגעלומפערט [ווי מיט א בעמערקונג]; 7. שטימען פאר איין קאנדידאט בלויז, ווען מען האט א רעכט צו שטימען פאר איינינגע; גיבען עטליכע שטימען פאר איין קאנדידאט.

1. She has a **plump** figure. 2. It is a **plump** lie. 3. The swimmer fell **plump** and ducked himself. 5. The boys **plumped** a stone into the water.

plum'per *n.* (פלאמ׳-פער) אזא שטיקעל שטאף וואס מען לעגט אריין אין מויל אום אויסצופילען איינגעפאלענע באקען; איינער וואס גיט איין קאנדידאט עטליכע שטימען, איינער וואס שטימט פאר איין קאנדידאט אין דער צייט ווען ער האט דאס רעכט צו שטימען פאר עטליכע; די צאהל שטימען וואס איינער גיט אויף אזא אופן אוועק פאר א קאנדידאט; אן אפענער גראבער ליגען.

plump'-faced *a.* (פלאמפ׳-פייסט) מיט גראבע באקען; מיט א פולען, קיילעכדיגען פנים.

plum'-pie *n.* (פלאמ׳-פאי) א ראזשינקעס=פאשטעט.

plump'ly *adv.* (פלאמפ׳-לי) קיילעכדיג, פול; גלייך, אויף'ן שטעל, אפען, אהן צערעמאניעס.

plump'ness *n.* (פלאמפ׳-נעס) בעלייבטקייט, פעטקייט, דיקקייט; דאס זיין אפען, אהן צערעמאניעס.

plum'-por'ridge *n.* (פלאמ׳-פאר׳-אידזש) א ראזשינקעס=זופ, א זופ פון פלוימען און ראזשינקעס.

plum'-pud'ding *n.* (פלאמ׳-פוד׳-אינג) א פלוימען=פודינג; א ראזשינקעס=פודינג.

plum'-pud'dinger *n.* (פלאמ׳-פוד׳-אינג-ער) א קליינע שיף פאר וואלפישיאגד.

plum'py *a.* (פלאמ׳-פי) פול, פעט.

plum'-tree *n.* (פלאמ׳-טריע) א פלוימען=בוים.

plu'mula *n.* (פלוה׳-מיו-לא) ז. *plumule*

plumula'ceous *a.* (פלוה-מיו-ליי׳-שיאס) פוכיג; וואס איז שייך צו דעם פעדער=עהנליכען אנוואוקס ביי פלאנצען, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דאס שטענגעל; וואס האט ניט קיין קאנטור=פעדערען [די גרויסע פעדערען, הויפטזעכליך פון עק און פון די פליגלען ביי פויגלען].

plu'mular *a.* (פלוה׳-מיו-לאר) וואס האט ניט קיין קאנטור=פעדערען. ז. *plumulaceous*

plu'mule *n.* (פלוה׳-מיול) א פוך=פעדערעל; דאס פעדערעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דאס שטענגעל ביי פלאנצען.

plu'my *a.* (פלוה׳-מי) פעדערדיג, פעדער=עהנליך; בעפעדערט, בעדעקט מיט פעדערען; בעציערט מיט פעדערען.

plun'der *n. and v.* (פלאנ׳-דער) רויב; קריעגס=רויב; פלינדערונג; הויז=זאכען; באגאזש; רויבען, פלינדערען.

plun'derage *n.* (פלאנ׳-דער-עדזש) דאס צונעהמען פאר זיך אנפערטרויטע שיפס=באגאזש.

plun'derer *n.* (פלאנ׳-דער-ער) א פלינדערער, א רויבער.

plun'derous *a.* (פלאנ׳-דער-אס) רויבענד, פלינדערענד.

plunge *v. and n.* (פלאנדזש) 1. אריינשטעקען; אריינטונקען; 2. אריינשטויסען, שטירצען; 3. זיך טוקען, זיך אונטערטונקען; 4. זיך אריינווארפען, אריינשטירצען; 5. אויסשלאגען מיט די הינטערשטע פיס [וועגען א פערד]; זיין משופע'דיג אדער ווערטיקאל [ווי למשל, א פעלז]; שפיעלען אזארטנע, ספעקולירען, שטעלען פיעל אין קאן; 6. א שפרונג [אין וואסער], דאס אונטערטונקען זיך; אריינשטירצונג; 7. פערלעגענהייט, צרות; 8. דאס אויסשלאגען מיט די הינטערשטע פיס [וועגען א פערד].

1. The robber **plunged** a dagger into his victim's breast. 2. Political intrigues **plunged** the nation into war. 4. He **plunged** headlong into the controversy. 6. We took a **plunge** in the sea.

plunge'-bath *n.* (פלאנדזש׳-בעטה) א וואנע וואס איז גענוג גרויס, מען זאל זיך אין איהר קענען אין גאנצען אונטערטונקען.

plun'geon *n.* (פלאנ׳-דזשאן) א טויך=פויגעל [א פויגעל וואס טוקט זיך אין וואסער, ווי אן ענטעל].

plun'ger *n.* (פלאנ׳-דזשער) א טויכער, א וואסער=טויכער; א טייל פון א מאשין וואס טויכט [ווי למשל, דער קאלבען פון א פומפ]; אן אזארטנער שפיעלער, אן אזארטנער וועטער, א ספעקולאנט; א קאוואלעריסט [א רייטענדער סאלדאט].

plun'ger-case *n.* (פלאנ׳-דזשער-קיים) דער צילינדער, אין וועלכען עס בעוועגט זיך א טויכענדער מאשינען=טייל [ווי למשל, דער קאלבען פון א פומפ].

plun'ging *a.* (פלאנ׳-דזשינג) גערישטעט פון אויבען אראב=צו, געגאסען, געווארפען א. ז. וו. פון אויבען אראב=צו.

The besieged army subjected the enemy to a **plunging** fire.

plup. אן אבקירצונג פון *pluperfect*

plu'perfect *n. and a.* (פלוה׳-פויר-פעקט) אין גראמאטיק — דאס פלוסקוואמפערפעקטום אדער די לאנג=פערגאנגענע צייט [די פארם פון ציימווערטער, וואס בעצייכענט א פערגאנגענע טהעטיגקייט אדער צושטאנד וואס האט שטאטגעפונען פאר אן אנדער פערגאנגענער טהעטיגקייט אדער צושטאנד, ווי למשל: *had loved*]; וואס בעצייכענט די לאנג=פערגאנגענע צייט.

plu'ral *a. and n.* (פלוה׳-רעל) מעהרער, פיעלפאך; וואס ענטהאלט צוויי אדער מעהרערע טיילען; מעהרצאהל, לשון רבים [אין גראמאטיק]; פיעלפאכהייט, פיעלהייט.

pluralisa'tion *n.* (פלוה-רעל-אי-זיי׳-שאן) ז. *pluralization*

plu'ralise *v.* (פלוה׳-רעל-איז) ז. *pluralize*

plu'raliser *n.* (פלוה׳-רעל-אי-זער) ז. *pluralizer*

plu'ralism *n.* (פלוה׳-רעל-איזם) פיעלהייט, מעהרהייט; דאס האלטען עטליכע עמטער מיט איין מאל; דאס האלטען עטליכע איינטרעגליכע קירכען=שטעלען; אין פילאזאפיע — פלוראליזם, די לעהרע, אז עס עקזיסטירען מעהרערע סובסטאנצען אונאבהענגיג איינע פון די אנדערע, ווי גייסט, מאטעריע א. ז. וו. [אין געגענ-

זאַץ צו דואַליזם, וואָס אָנערקענט צוויי סובסטאַנצען — מאַטעריע און גייסט און צו מאָניזם, וואָס אָנערקענט נור איין סובסטאַנץ: אָדער גייסט, אָדער מאַטע־ריע].

plu'ralist *n.* (פּלוּה'-רעל-איסט) אַ גייסטליכער וואָס האַלט מעהרערע איינ־טרעגליכע שטעלען; איינער וואָס פּער־טרעט אייניגע עמטער; אין פילאָזאָפיע — אַ פּלוראַליסט [ז. *pluralism*]; איינער וואָס האַלט, אַז די מענשהייט קומט ניט פון איין שטאַם־פאָטער.

pluralis'tic *a.* (פּלוּה-רע-ליס'-טיק) פּלוראַליסטיש. ז. *pluralism*

pluralis'tical *a.* -(פּלוּה-רע-ליס'-טי־קעל) פּלוראַליסטיש. ז. *pluralism*

pluralis'tically *adv.* -(פּלוּה-רע-ליס'־טי-קעל-אי) פּלוראַליסטיש. ז. *pluralism*

plural'ity *n.* (פּלוּה-רעל'-אי-טי) פּיעל־קייט, מעהרהייט; אייניגע פון עטליכע קיר־כען־שטעלען, וועלכע עס פערנעהמט אַ גייסטליכער; דאָס פערנעהמען עטליכע קירכען־שטעלען מיט איין מאָל; פּלוראַ־ליטעט, אַ ניט אַבזאָלוטע מעהרהייט פון אָבגעגעבענע וואַהל־שטימען, נאָר אַ מעהר־הייט איבער'ן צווייטען, נעכסטען קאַנדי־דאַט [ווען עס זיינען פאַראַן אייניגע קאַנ־דידאַטען].

pluraliza'tion *n.* -(פּלוּה-רעל-אי-זיי'-שאַן) דאָס אויסדריקען אין מעהרצאָהל; דאָס האַלטען מעהרערע איינטרעגליכע קירכליכע עמטער.

plu'ralize *v.* (פּלוּה'-רעל-איז) ברויכען אין מעהרצאָהל; האַלטען מעהרערע איינ־טרעגליכע קירכליכע עמטער.

plu'ralizer *n.* (פּלוּה'-רעל-אי-זער) איינער וואָס האַלט מעהרערע איינטרעגלי־כע קירכליכע עמטער.

plu'rally *adv.* (פּלוּה'-רעל-אי) אין מעהרצאָהל.

plu'ral mar'riage -(פּלוּה'-רעל מער'-אידזש) פּיעל־ווייבעריי, פּאָליגאַמיע [ווען די פרויען לעבען ניט אין אַ הארעם ווי ביי די מאַכמעדאַנער, נאָר אין בעזונדערע וואָהנונגען, ווי למשל, אַמאָל ביי די מאָר־מאָנען].

plu'ral vote (פּלוּה'-רעל וואָוט) אַ פּיעלפאַכע וואַהל־שטימע, דאָס רעכט אָב־צוגעבען מעהרערע שטימען [ווי ביי די פּאַרלאַמענטס־וואַהלען אין ענגלאַנד].

plu'ral wife (פּלוּה'-רעל וואַויף) אַ פרוי פון אַ פּאָליגאַמיסט.
ז. *plural marriage*

pluriflo'rous *a.* (פּלוּה-רי-פלאָו'-ראַס) פּיעל־בלומיג, וואָס האָט מעהרערע בלומען.

plurifo'liate *a.* -(פּלוּה-רי-פאָו'-לי־איט) פּיעל־בלעטערדיג [וועגען פּלאַנ־צען].

plurifo'liolate *a.* -(פּלוּה-רי-פאָו'-לי-אָ־לייט) פּיעל־בלעטערדיג [וועגען אַ צוזאַ־מענגעזעצטען פּלאַנצען־בלאַט].

plurilit'eral *a.* and *n.* -(פּלוּה-רי-ליט'-ע-רעל) וואָס בעשטעהט פון מעהרערע בוכשטאַבען; אַ וואָרט, וואָס בעשטעהט פון מעהרערע בוכשטאַבען.

plurip'ara *n.* (פּלוּה-ריפּ'-ע-רא) אַ פרוי וואָס געבעהרט ניט צום ערשטען מאָל; אַ פרוי וואָס האָט שוין געהאַט צוויי אָדער מעהר קינדער.

pluripar'ity *n.* (פּלוּה-רי-פּער'-אי-טי) דאָס געבעהרען ניט צום ערשטען מאָל; דאָס זיין אַ מוטער פון צוויי אָדער מעה־רערע קינדער.

plurip'arous *a.* (פּלוּה-ריפּ'-ע-ראַס) וואָס געבעהרט מעהרערע קינדער אויף איין מאָל; וואָס איז שייך צו אַ פרוי וואָס געבעהרט ניט צום ערשטען מאָל; וואָס איז שייך צו אַ מוטער פון צוויי אָדער מעהרערע קינדער.

plu'risy *n.* (פּלוּה'-רי-סי) איבער־פּול־קייט; פולבלוטיגקייט.

plus *a.* and *n.* (פּלאַס) מעהר, פּער־גרעסערט, מעהר [מיט אַ געוויסער צאָהל]; וואָס איז מעהר ווי נול, וואָס האָט פאַר זיך דעם צייכען פּלוס, פּאָזיטיוו [וועגען אַלגעבראַאישע צאָהלען]; צוזאַמען מיט...; צוגעגעבען; דער פּלוס־צייכען, דער חבור־צייכען [+]; עטוואָס צוגעגעבענעס.

plush *n.* (פּלאַש) פּלוּש [אַ מין ווייכעס, האָריגעס סאַמעט־צייג].

plush'y *a.* (פּלאַש'-אי) פּלושיג, עהנ־ליך צו פּלוש.

plu'tarchy *n.* (פּלוּה'-טאַר-קי) פּלוטאָ־קראַטיע. ז. *plutocracy*

Plu'to *n.* (פּלוּה'-טאָו) פּלוטאָ [דער גאָט פון גיהנם אָדער פון דער אונטער־וועלט ביי די פּאַרצייטיגע רוימער].

Pluto

plutoc'racy *n.* (פּלו-טאָק'-רע-סי) פּלו־טאָקראַטיע, די הערשאַפט פון דער געלד־אַריסטאָקראַטיע, די הערשענדע געלד־אַרים־טאָקראַטיע.

plu'tocrat *n.* (פּלוּה'-טאָ-קרעט) אַ פּלו־טאָקראַט, אַ הערשער און מאַכט־האָבער אין דער געזעלשאַפט צוליעב זיין רייכטום.

plutocrat'ic *a.* (פּלוּה-טאָ-קרעט'-איק) פּלוטאָקראַטיש, וואָס איז שייך צו דער הערשאַפט פון דער געלד־אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז שייך צו הערשאַפט צוליעב געלד־מאַכט.

plutol'ogist *n.* (פּלו-טאָל'-אָ-דזשיסט) אַן עקאָנאָמיסט. ז. *political economy*

plutol'ogy *n.* (פּלו-טאָל'-אָ-דזשי) פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע.
ז. *political economy*

Pluto'nian *a.* and *n.* -(פּלו-טאָו'-ני־ען) פּלוטאָניש, וואָס איז שייך צום אַלט־גריכישען גאָט פּלוטאָ [דער גאָט פון דער אונטער־וועלט אָדער פון גיהנם]; אין גע־אָלאָגיע — פּלוטאָניש, וואולקאַניש; אַ פּלוטאָניסט, אַן אַנהענגער פון פּלוטאָניזם.
ז. *Plutonism*

Pluton'ic *a.* (פּלו-טאַנ'-איק) פּלוטאָניש; וואָס איז שייך צו פּלוטאָ [דער אַלט־רוי־מישער גאָט פון דער אונטער־וועלט אָדער פון גיהנם], אונטער־ערדיש, פינסטער; וואָס איז שייך צום פּלוטאָניזם [ז. *Plutonism*]; געבילדעט טיעף אין דער ערד [וועגען פעלזען].

Pluton'ic the'ory (פּלו-טאַנ'-איק טהי'-אָ-רי) פּלוטאָניזם. ז. *Plutonism*

Plu'tonism *n.* (פּלוּה'-טאָ-ניזם) פּלוטאָ־ניזם [די לעהרע לויט וועלכער די ערד האָט זיך אויסגעבילדעט הויפּטזעכליך אַ דאַנק דער ווירקונג פון פייער. אין געגענ־זאַץ צו נעפּטוניזם. ז. *Neptunism*].

Plu'tonist *n.* (פּלוּה'-טאָ-ניסט) אַ פּלו־טאָניסט, אַן אַנהענגער פון פּלוטאָניזם.
ז. *Plutonism*

Plu'tus *n.* (פּלוּה'-טאַס) אין דער רוי־מישער מיטאָלאָגיע — פּלוטוס, דער גאָט פון רייכטום [די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער הויפּט גאָט צעוס האָט איהם גע־מאַכט בלינד, כדי ער זאָל ניט קענען בע־שענקען מיט רייכטום בלויז די גוטע].

plu'vial *a.* and *n.* (פּלוּה'-ווי-על) רע־גענדיג; פייכט, נאַס; אין געאָלאָגיע — וואָס הענגט אָב אָדער שטאַמט פון דער ווירקונג פון רעגענס; אַ ריזע, אַ קירכען־מאַנטעל.

plu'vialine *a.* (פּלוּה'-ווי-ע-לין) וואָס איז שייך צו אַ רעגען־פייפער, עהנליך צו אַ רעגען־פייפער [אַזאַ פויגעל].
ז. *golden plover*

pluviam'eter *n.* (פּלוּה-ווי-עמ'-ע-טער)
ז. *pluviometer*

pluviamet'rical *a.* -(פּלוּה-ווי-ע-מעט'-רי-קעל) ז. *pluviometric*

plu'viograph *n.* (פּלוּה'-ווי-אָ-גרעף) אַן אויטאָמאַטישער רעגען־מעסטער [אַן אינסטרומענט צו פערצייכנען די מאָס וואַסער פון אַ רעגען־פאַל].

pluviom'eter *n.* (פּלוּה-ווי-אָמ'-ע-טער) אַ רעגען־מעסטער [אַן אינסטרומענט צו בעשטימען די מאָס וואַסער פון אַ רעגען־פאַל אָדער שנעע־פאַל].

pluviomet'ric *a.* -(פּלוּה-ווי-אָ-מעט'-ריק) געמאַכט מיט דער הילף פון אַ רע־גען־מעסטער. ז. *pluviometer*

pluviomet'rical *a.* -(פּלוּה-ווי-אָ-מעט'-רי-קעל) ז. *pluviometric*

pluviomet'rically *adv.* -(פּלוּה-ווי-אָ־מעט'-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון אַ רעגען־מעסטער. ז. *pluviometer*

pluviom'etry *n.* (פּלוּה-ווי-אָמ'-עט-רי) די קונסט צו בעשטימען די מאָס וואַסער פון אַ רעגען־פאַל.

plu'vioscope *n.* (פּלוּה'-ווי-אָ-סקאָופּ)
ז. *pluviometer*

plu'vious *a.* (פּלוּה'-ווי-אַס) רעגענדיג; נאַס, פייכט.

ply *v.* and *n.* (פּלאַי) 1. פלייסיג אַנווענ־דען עפּעס אָדער עפּעס געברויכען; אָנ־שטרענגען; פלייסיג, אָנגעשטרענגט אַר־בייטען אָדער טהאָן עפּעס, 2. אַטאַקירען אָהן אויפהער; 3. דרינגענד בעטען; אָרויפדרינגען; 4. זיך איילען; 5. האָבען אַ רעגולערען קורס, געהן רעגעלמעסיג הין און צוריק [ווי אַ שיף]; 6. זעגלען מיט'ן ווינד; 7. פאַרשלאָגען דיענסטע [ווי אַלס טרעגער, שיפער א. ז. וו.]; 8. פאַכיגקייט, דיקקייט; 9. נייגונג, גע־וואָהנהייט.

1. They **ply** their work from morning till evening. 3. The wealthy are often **plied** with flattery. 5. Many steamers **ply** on the Hudson. 7. He is forced to **ply** in the street as a porter. 8. A three-**ply** thread.

ply a trade (פּלאַי ע טרייד) בעשעפ־טיגען זיך מיט אַ מלאכה.

ply'er *n.* (פּלאַי'-ער) ז. *plier*

ply one's books (פּלאַי וואַנז בוקס) פלייסיג שטודירען.

P. M. *post meridiem* ראשי תבות פון [נאָך האַלבען טאָג], פון *postmaster*

[פאסטמייסטער] אדער פון *past-master*.

pne'ograph *n.* (ני'-א-גרעף) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אטהעמונגס-קראפט פון די לונגען.

pneom'eter *n.* (ני-אמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די מאס איינגעאטהעמטע און אויסגעאטהעמטע לופט פון די לונגען.

pneom'etry *n.* (ני-אמ'-עט-רי) דאס מעסטען די איינגעאטהעמטע און אויסגעאטהעמטע לופט.

pne'oscope *n.* (ני'-א-סקאופ) אן אינסטרומענט צו מעסטען די בעוועגונג אדער די אויסברייטונג פון דעם ברוסט=קאסטען.

pneu'ma *n.* (ניו'-מא) דער אטהעם; דער גייסט, די נשמה; דאס אטהעמען.

pneumat'ic *a.* (ניו-מעט'-איק) פנייומאטיש; וואס איז שייך צו לופט אדער גאזען; וואס בענוצט צוזאמענגעפרעסטע לופט אלס בעטריעבס=קראפט; וואס בעשטעהט פון לופט; לופטיג; וואס בעוועגט זיך אדער ווערט געשפיעלט מיט דער הילף פון לופט; אנגעפילט מיט לופט; וואס איז שייך צו דער אטהעמונגס=סיסטעם; פניימאטאלאגיע [ז. *pneumatology*].

pneumat'ical *a.* (ניו-מעט'-אי-קעל) פניימאטיש. ז. *pneumatic*

pneumat'ically *adv.* (ניו-מעט'-אי-קעל-אי) פניימאטיש, מיט דער קראפט אדער מיט דער הילף פון לופט.

pneumat'ic cab'inet (ניו-מעט'-איק קעב'-אי-נעט) א פניימאטישער קאבינעט [א לופט=אבגעשלאסענעם צימער וואס א דאקטאר בענוצט צו בעהאנדלען דארטען אזעלכע פאציענטען פאר וועלכע מען דארף רעגולירען דעם לופט=דרוק אויף זייער קערפער].

pneumat'ic despatch' (ניו-מעט'-איק דעס-פעטש') א ראהר=פאסט, דאס שיקען בריעף אדער ארטיקלען דורך א ראהר מיט דער הילף פון געפרעסטער לופט [די ארטיקלען אדער די בריעף ווערען פערפאקט אין א קעסטעל וואס ווערט געטריבען מיט דער הילף פון געפרעסטער לופט דורך א ראהר, וואס איז געמאכט פאר דעם צוועק].

pneumat'ic en'gine (ניו-מעט'-איק ענ'-דזשין) א לופט=פומפע.

pneumatic'ity *n.* (ניו-מע-טיס'-אי-טי) דאס זיין אנגעפילט מיט לופט. דאס זיין פניימאטיש;

pneumat'ics *n.* (ניו-מעט'-איקס) פנייומאטיק, דער טייל פון פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט די מעכאנישע אייגענשאפטען פון לופט און גאזען [ווי געוויכט, דרוק, עלאסטיציטעט, געדיכטקייט, בעוועגונג א. ד. ג.].

pneumat'ic trough (ניו-מעט'-איק טראהף) א פניימאטישע וואנע [אזא כלי, וועלכע ווערט בענוצט פון פיזיקער און כעמיקער צו מאכען פראבען מיט גאזען].

pneu'matize *v.* (ניו'-מע-טאיז) אנפילען מיט לופט.

pneu'matocele *n.* (ניו'-מע-טא-סיעל) א לונגען=ברוך; א ווינד=ברוך [אן אויפגעבלאזענע געשווילעכץ פון דעם אייער=בייטעל].

pneumatog'raphy *n.* (ניו-מע-טאג'-רע-פי) גייסטער=שריפט [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען — די שריפט פון גייסטער, וואס ערשיינט אהן דער פערבינדונג מיט דעם מעדיום אדער מיט וועלכער עס איז מאטעריעלער זאך, ווי שרייבגעציייג א. ז. וו.]; די בעשרייבונג פון די גלויבענס וועגען די בעציהונגען צווישען מענשען און דער גייסטער=וועלט.

pneumatolog'ical *a.* (ניו-מע-טא-לאדזש'-אי-קעל) פניימאטאלאגיש, וואס איז שייך צו פניימאטאלאגיע. ז. *pneumatology*

pneumatol'ogist *n.* (ניו-מע-טאל'-א-דזשיסט) א קענער אין פניימאטאלאגיע. ז. *pneumatology*

pneumatol'ogy *n.* (ניו-מע-טאל'-א-דזשי) פניימאטאלאגיע, דער טייל פון פילאזאפיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער טהעטיגקייט פון גייסט און פון שכל; די ספיריטואליסטישע פילאזאפיע, די לעהרע וועגען די גלויבענס, וועלכע עקזיסטירען וועגען די בעציהונגען צווישען מענשען און דער גייסטער=וועלט; די לעהרע וועגען דעם היילינען גייסט [אין דער קריסטליכער רעליגיאן].

Pneumatoma'chian *n. and a.* (ניו-מע-טא-מיי'-קי-ען) איינער וואס לייקענט אב די געטליכקייט אדער די עקזיסטענץ פון דעם קריסטליכען היילינען גייסט; וואס איז שייך צו איינעם וואס לייקענט אב די געטליכקייט אדער די עקזיסטענץ פון דעם קריסטליכען היילינען גייסט.

pneumatom'eter *n.* (ניו-מע-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די קוואנטיטעט לופט וואס ווערט מיט איין צוג איינגעאטהעמט אדער אויסגעאטהעמט פון די לונגען.

pneumato'sis *n.* (ניו-מע-טאו'-סיס) א קראנקהאפטע אנזאמלונג פון גאזען אין וועלכען עס איז טייל פון קערפער.

pneumoc'ace *n.* (ניו-מאק'-ע-סי) א גאנגרענע פון די לונגען.

pneumoenteri'tis *n.* (ניו-מא-ענ-טע-ראי'-טיס) שווינען=פעסט; חזירים=כאליעריע.

pneumogas'tric *a. and n.* (ניו-מא-געס'-טריק) וואס געהערט צו די לונגען און מאגען אדער צו די פונקציאנען פון אטהעמונג און פערדייאונג; דער לונגען=מאגען=נערוו.

pneumog'raphy *n.* (ניו-מאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די לונגען, אן אבהאנדלונג וועגען די לונגען אדער די אהטעמונגס=ארגאנען.

pneumol'ogy *n.* (ניו-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די לונגען אדער די אטהעמונגס=ארגאנען.

pneumom'eter *n.* (ניו-מאמ'-ע-טער) ז. *pneumatometer*

pneumonal'gia *n.* (ניו-מא-נעל'-דזשי-א) א שמערץ אין די לונגען.

pneumo'nia *n.* (ניו-מאו'-ני-א) לונגען=ענטצינדונג.

pneumon'ic *a. and n.* (ניו-מאנ'-איק) וואס איז שייך צו די לונגען; וואס איז שייך צו לונגען=ענטצינדונג; א מיטעל געגען לונגען=קראנקהייטען.

pneumonit'ic *a.* (ניו-מא-ניט'-איק) וואס איז שייך צו לונגען=ענטצינדונג.

pneumoni'tis *n.* (ניו-מא-נאי'-טיס) לונגען=ענטצינדונג.

pneu'mony *n.* (ניו'-מא-ני) ז. *pneumonia*

P. O. ראשי תבות פון *post-office*

poach *v.* (פאוטש) ווייך אבקאכען אייער דורך דעם וואס מען ברעכט אויף זייער שאלעכץ און דאס ווייסעל מיט דעם געלבעל ווערען ארייננעגאסען אין קאכענדען וואסער; דורכשטעכען, דורכבויערען; טרעטען אין בלאטע; לאזען שפורען פון די פיס=טריט; זיין ווייך ווי א בלאטיגער אדער זומפיגער גרונט; זיין זומפיג; געהן אויף גע"יעג אין פרעמדע וועלדער אדער פעלדער; געהן אויף געיעג אין ערטער, וועלכע זיינען פערבאטען פון געזעץ; זיך איינברעכען וואו עס איז אונגעזעצליך פאר וועלכען עס איז צוועק.

poa'cher *n.* (פאו'-טשער) איינער וועלכער געהט אויף געיעג אין פרעמדע וועלדער; דער ים=רויבער [אזא פיש]; די רויב=ענטעל [אזא ענטעל וואס רויבט אוועק די שפייז פון אנדערע ענטלעך].

poa'chiness *n.* (פאו'-טשי-נעס) פייכטקייט, נאסקייט [וועגען ערד]; בלאטיגקייט, זומפינקייט.

poa'chy *a.* (פאו'-טשי) זומפיג, בלאטיג; נאס און ווייך [וועגען ערד].

poak *n.* (פאוק) דער אבפאל ביי גארבעריי.

po'chard *n.* (פאו'-טשארד) די רייהער=ענטעל [אזא זארט פערשיעדען=פארביגע ענטעל וועלכע איז שטארק פערשפרייט אין אייראפא].

pock *n.* (פאק) א פאק; א בלאטער.

pock'-bro'ken *a.* (פאק'-בראו'קן) וואס האט צייכענס פון פאקען; געשטופעלט.

pocked *a.* (פאקט) געפאקט, געשטופעלט פון פאקען.

pock'et *n. and v.* (פאק'-עט) א קעשענע, א טאש; פינאנציעלע מיטעל, געלד; א בייטעל; א ביליארד=בייטעל; א לאך אין דער פארם פון א זעקעל; א טהאל, אן אויסהוילונג אדער פערטיעפונג צווישען בערג; א פערטיעפונג אין א שאכטע וואו עס געפינט זיך ערץ [רויהער מעטאל]; א באלען [א געוויכט פון 160 פונט. ווערט בענוצט אלס וואג=איינהייט פאר האפען, וואל, באוועל א. ד. ג.]; אריינלעגען אין קעשענע; צונעהמען; לאזען ליעגען אין קעשענע [וועגען א געזעץ וואס דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא אדער דער גאווערנאר פון א שטאאט וויל ניט בעשטעטיגען און ער לאזט עס ליעגען ניט אונטערגעשריבען. ז. *pocket veto*]; אראבשלינגען [א בעליידיגונג]; פערבארגען, בעהאלטען, ניט פערעפענטליכען, אונטערדריקען; האבען די קאנטראלע, האבען ווי ביי זיך אין קעשענע.

pock'et-book *n.* (פאק'-עט-בוק) א נאטיץ=ביכעל, א טאשען=ביכעל; א בוך אין א קליינעם פארמאט, וואס קען געטראגען ווערען אין קעשענע; א טייסטער, א פאפּיארעס; געלד=מיטעל; געלד.

pock'et bor'ough (פאק'-עט באר'-או) א געמיינדע אדער בעצירק אמאל אין ענגלאנד, וואו דאס רעכט צו שיקען פון דארטען פערטרעטער אין פארלאמענט איז געלעגען אין די הענד פון איין פערזאן אדער פון איין פאמיליע.

pock'et-dic'tionary *n.* (פאק'-עט-דיק'-שאנ-ע-רי) א טאשען=ווערטערבוך [א קליין ווערטער=ביכעל].

pock'et-edi'tion *n.* (פאק'-עט-ע-דיש'-אן) א טאשען=אויסגאבע [די אויסגאבע פון ביכער אין א קליינעם פארמאט, אז מען זאל זיי קענען טראגען אין קעשענע].

pock'et-flap *n.* (פאק'-עט-פלעפ) א טאשען=קלאפע, א פאט.

pock'etful *n.* (פאק'-עט-פול) א פולע קעשענע.

Why do you carry with you a pocketful of change ?

pock'et-go'pher *n.* (פאק'-עט-גאו'-פער) אזא אמעריקאניש גריזשענד חיה'לע.

pock'et-hand'kerchief *n.* (פאק'-עט-הענ'-קער-טשיף) א טאשען-טיכעל, א נאז-טיכעל.

pock'et in'terest (פאק'-עט אינ'-טער-עסט) אייגענע-נוצען; קעשענע-אינטערעסען.

pock'et-knife *n.* (פאק'-עט-נאיף) א טאשען-מעסערעל, א פעדער-מעסערעל.

pock'et-lid *n.* (פאק'-עט-ליד) ז. *pocket-flap*.

pock'et-mon'ey *n.* (פאק'-עט-מאנ'-אי) טאשען-געלד [געלד אויף קליינע אויסגאבען].

pock'et-net *n.* (פאק'-עט-נעט) א פיש-נעץ מיט אבטיילונגען ווי קעשענעס.

pock'et-piece *n.* (פאק'-עט-פיס) א מטבע, מייסטענס אן אלטע, וואס מען האלט אין קעשענע און מען גיט זי ניט אוים.

pock'et-pis'tol *n.* (פאק'-עט-פיס'-טאל) א טאשען-פיסטאלעט [א קליינער פיסטאלעט]; א קליין בראנפען-פלעשעל וואס מען האלט ביי זיך אין קעשענע.

pock'et-sher'iff *n.* (פאק'-עט-שער'-איף) א קרויז-שעריף [א שעריף אין ענגלאנד וואס ווערט בעשטימט פון דעם קעניג אליין].

pock'ets to let (פאק'-עטס טו לעט) ליידיגע קעשענעס.

pock'et up (פאק'-עט אפ) בעהאלטען אין קעשענע; בעהאלטען, פערפאקען.

pock'et ve'to (פאק'-עט ווי'-טאו) א געוויסע פארם פון א וועטא וואס דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אדער דער גאווערנאר פון א שטאאט לעגט ארויף אויף א געזעץ, וואס ער וויל ניט אונטערשרייבען: לויט דער אמעריקאנער קאנסטיטוציאן, ווען א געזעץ-פארשלאג [ביל] ווערט אנגענומען אין קאנגרעס און דער פרעזידענט לעגט ניט זיין וועטא, ווערט דער ביל א געזעץ נאכדעם ווי צעהן טעג געהען אריבער. ווען אבער דער ביל איז אנגענומען געווארען אין דעם משך פון די לעצטע צעהן טעג, איידער דער קאנגרעס ווערט געשלאסען, דאן מעג דער פרעזידענט, ווען ער וויל דעם ביל ניט בעשטעטיגען, איהם לאזען ליעגען אין "קעשענע" אויך אהן א וועטא און ער ווערט ניט קיין געזעץ.

pock'-hole *n.* (פאק'-האול) ז. *pock-mark*.

pock'-house *n.* (פאק'-האוס) א שפיטאל פאר פאקען-קראנקע.

pock'iness *n.* (פאק'-אי-נעס) דאס זיין בעדעקט מיט פאקען, דאס זיין קראנק אויף פאקען.

pock'-mark *n.* (פאק'-מארק) א פאקען-צייכען, א פאקען-גריבעל, א פאק.

pock'-marked *a.* (פאק'-מארקט) געשטופעלט [פון פאקען].

pock'-pit'ted *a.* (פאק'-פיט'-עד) געשטופעלט [פון פאקען].

pock'wood *n.* (פאק'-הוואוד) ז. *lignum-vitæ*.

pock'y *a.* (פאק'-אי) פאקיג, בעדעקט מיט פאקען, קראנק אויף פאקען; סיפיליטיש; נידערטרעכטיג, לומפיג.

po'co *adv.* (פאו'-קאו) אין מוזיק — עטוואס, אביסעל.

pococuran'te *n.* (פאו-קא-קו-רענ'-טע) א גלייכגילטיגער מענש; א נאכלעסיגער, אן אבגעלאזענער אדער אונפינקטליכער מענש.

pococuran'tism *n.* (פאו-קא-קו-רענ'-טיזם) גלייכגילטיגקייט; נאכלעסיגקייט, אבגעלאזענקייט; אונפינקטליכקייט.

poco'sin *n.* (פא-קאו'סין) זומפ-לאנד בעדעקט מיט וואלד.

poc'uliform *a.* (פאק'-יו-לי-פארם) בעכער-פערמיג, ווי א בעכער.

pod *n. and v.* (פאד) א שויט, א הילזן; בעקומען שויטען; אנשוועלען ווי א שויט; צוזאמענטרייבען ים-הינד אדער וואלראסען, אום זיי צו טויטען.

podag'ra *n.* (פא-דעג'-רע) פאדאגרא, פוס-גיכט [אזא קראנקהייט אין די פים].

pod'agral *a.* (פאד'-ע-גרעל) ז. *podagric*.

podag'ric *a.* (פא-דעג'-ריק) פאדאגריש, וואס האט פאדאגרא אדער פוס-גיכט [א מין פוס-קראנקהייט]; וואס איז שייך צו פאדאגרא.

podag'rical *a.* (פא-דעג'-רי-קעל) ז. *podagric*.

pod'agrous *a.* (פאד'-ע-גראס) ז. *podagric*.

podal'gia *n.* (פא-דעל'-דזשי-א) פוס שמערצען, ניירעלגיע אין די פים.

podal'ic *a.* (פא-דעל'-איק) וואס איז שייך צו די פים.

podarthri'tis *n.* (פאד-אר-טהראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די פוס-געלענקען.

pod'der *n.* (פאד'-ער) א שויטען-זאמלער.

pod'dy *a.* (פאד'-אי) רונד-בייכיג.

podestà' *n.* (פאו-דעס-טא') א מאגיסטראט אדער בירגערמייסטער אין איטאליען.

podge *n. and v.* (פאדזש) א לוזשע; שווער ארבייטען, זיך פלאגען.

podg'y *a.* (פאדזש'-אי) ז. *pudgy*.

po'dial *a.* (פאו'-די-על) וואס איז שייך צו א פאדיום. ז. *podium*.

podis'mus *n.* (פא-דיס'-מאס) ספאזמען אין די מוסקולען פון די פים.

po'dium *n.* (פאו'-די-אם) א פאדיום, אן עסטראדע, א פלאטפארמע [אין א פערזאמלונגס-זאאל].

podyperidro'sis *n.* (פאד-אי-פער-אי-דראו'-סיס) א שטארקע שוויצונג פון די פים.

po'e *n.* (פאו'-ע) ז. *poe-bird*.

po'e-bird *n.* (פאו'-ע-בוירד) די פאע אדער דער פאסטאר-פויגעל. ז. *parson-bird*.

po'em *n.* (פאו'-עם) א פאעמא, א געדיכט.

poemat'ic *a.* (פאו-ע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א פאעמא אדער געדיכט; ווי א פאעמא; פאעטיש.

poeph'agous *a.* (פא-עפ'-ע-גאס) וואס שפייזט זיך מיט גראז, גראז-פרעסענד; וואס בעלאנגט צו דעם מין בייטעל-טהיערע, וועלכע שפייזען זיך מיט פלאנצען.

po'esy *n.* (פאו'-ע-סי) פאעזיע; די דיכט-קונסט.

po'et *n.* (פאו'-עט) א פאעט, א דיכטער.

po'etaster *n.* (פאו'-עט-עס-טער) א פאעטעל, א גראמען-מאכער.

po'etastry *n.* (פאו'-עט-עס-טרי) גראמען-מאכעריי; שלעכטע פאעזיע.

po'etess *n.* (פאו'-עט-עס) א דיכטערין.

po'ethood *n.* (פאו'-עט-הוד) דאס זיין א פאעט.

poet'ic *a.* (פא-עט'-איק) פאעטיש, דיכטעריש.

poet'ical *a.* (פא-עט'-אי-קעל) ז. *poetic*.

poet'ically *adv.* (פא-עט'-אי-קעל-אי) אויף א פאעטישען אופן; אין בעצוג צו די כללים פון פאעזיע.

poet'ics *n.* (פא-עט'-איקס) די טעאריע פון פאעזיע.

poet'icule *n.* (פא-עט'-אי-קיול) ז. *poetaster*.

poetiza'tion *n.* (פאו-עט-אי-זיי'-שאן) דאס שרייבען אין פערזען; דאס פערוואנדלען אין א פאעטישער פארם.

po'etize *v.* (פאו'-עט-איז) דיכטען, שרייבען געדיכטע; אויסדריקען אין א פאעטישער פארם.

po'et lau'reate (פאו'-עט לאה'-רי-אייט) דער קעניגליכער הויף-פאעט אין ענגלאנד.

po'etry *n.* (פאו'-עט-רי) פאעזיע, דיכטונג; דיכט-קונסט.

po'etship *n.* (פאו'-עט-שיפ) ז. *poethood*.

poh *int.* (פאו) פוי, פע!

poig'nancy *n.* (פאי'-נען-סי) שארפקייט, בייסעדיגקייט, ביטערקייט; שטעכעדיגקייט; שמערצליכקייט.

poig'nant *a.* (פאי'-נענט) שארף; ביטער; בייסענד; שטעכעדיג; סאטיריש; העפטיג, זעהר שמערצליך.

poig'nantly *adv.* (פאי'-נענט-לי) מיט שארפקייט; בייסענד; שטעכעדיג; שמערצליך.

point *n. and v.* (פאינט) א פינטעל; א פונקט; א שפיץ; א זאך אדער אינסטרומענט וואס האט א שפיץ; א לאנד-שפיץ [א שמאל שטיקעל לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין ים]; א כאראקטעריסטישער שטריך אדער אייגענשאפט; א גראד, א שטופע; א צוועק; דער עצם, דער תמצית פון א זאך; א בעשטימטער פלאץ אדער לאגע; א דעטאל, אן איינצעלהייט פון א סעריע זאכען; א מאמענט, אן אויגענבליק; א קליין שטריקעל אדער רימען [ווי איינס פון די שטריקלעך וועלכע הענגען אראב פון די ראנדען פון א שיף-זעגעל]; אן איינשניט אדער צייכען וואס ווערט געמאכט מיט א שארף פערשפיצטען אינסטרומענט; אין גראמאטיק — דאס פינטעל וואס בעצייכענט דעם ענד פון א זאץ; אן אויג [אין קארטען-שפיעל]; די האלטונג אדער בענעהמונג פון א יאגד-הונד, ווען ער געפינט אוים וואו די חיה אדער פויגעל האלט זיך אויף; די מינדעסטע זאך וואס איז כאראקטעריסטיש פאר פינקטליכקייט; א חוט-השערה; איינע פון 32 טיילען, אויף וועלכע דער קאמפאס אויף א שיף איז געטיילט; אין מאטעמאטיק — א פונקט [דאס, וואס קען ניט געמאסטען ווערען אין דער לענג, ברייט אדער טיעף]; אין דרוקעריי — אן איינהייטס-מאס פון דער גרוים פון שריפט; דער עק פון א חיה; די טאמבורירטע שפיצען אדער קרוזשעווע; שפיצען, צושפיצען; שארפען; צוגעבען שארפקייט, מאכען פיקאנט; בעצוועקען; ריכטען צו א געוויסען פונקט; אנצייגען, אנווייזען; ציטירען, פינטלען; ביי מוליארעם — אנפילען דעם פלאץ צווישען צונויפגעלעגטע ציעגעל מיט וואפנע און עס פערגלעטען; געפינען דאס ארט, וואו די יאגד-רויב שטעלט זיך [וועגען א יאגד-הונד]; אנשטעלען איינעם; בעשטימען.

poin'tal *n.* (פאינ'-טעל) א שארף-פערשפיצטע זאך [ווי למשל, א פיסטיל פון א פלאנצע]; א ברוק אדער פאדלאגע אויסגעפלאסטערט מיט שרעג-ליגענדע פיערעקיגע פלאטען. ז. *pointel*.

point a rope (פאינט ע ראופ) פערשפיצען א שטריק [ווי כדי דורכצוציהען איהם דורך א שמאל לעכעל].

point at (פאינט עט) ווייזען מיט'ן פינגער אויף עפעס אדער אימעצען; אנצייגען.

point'-blank' *a., adv. and n.* (פאינט'-בלענק') גלייך אין פונקט, גלייך אין ציעל; אין א גלייכער ליניע; אויסדריקליך; גאנץ שארף; א שאס גלייך אין ציעל אריין.

He refused **point-blank** to obey the order.

point'-blank' range (פאינט'-בלענק' ריינדזש) די דיסטאנץ וואס א קויל פון א הארמאט פליהט אין א גלייכער ליניע, ניט אבבויגענדיג זיך צו דער ערד.

poin'ted *a.* (פאינ'-טעד) שפיציג, שארף פערשפיצט; שארף, שטעכיג, בייסענד [ווי א שטעך=ווערטעל]; דירעקט; דירעקט געציעלט אין א געוויסער פערזאן.

poin'ted arch (פאינ'-טעד ארטש) אין ארכיטעקטור — א פערשפיצטע ארקע, א פערשפיצטער בויגען.

poin'ted ball (פאינ'-טעד באהל) די שפיץ=קוגעל, א שיס=קוגעל אין דער פארם פון א קאנוס.

poin'tedly *adv.* (פאינ'-טעד-לי) אויף א פערשפיצטען שטייגער; בייסענד, שארף, קלוג; דייטליך, קלאר, דירעקט ציעלענד אין אימעצען.

poin'tedness *n.* (פאינ'-טעד-נעס) שפיציגקייט; שארפקייט [פון אן אויסדרוק].

poin'ted roof (פאינ'-טעד רוהף) דער משופע'דיגער גאטיישער דאך; דער שפיץ=דאך. ז. *Gothic style*.

poin'ted style (פאינ'-טעד סטאיל) אין ארכיטעקטור — דער גאטישער בוי=סטיל; דער סטיל פון פערשפיצטע ארקען אדער בויגענס. ז. *Gothic style*.

poin'tel *n.* (פאינ'-טעל) א שארפער שפיציגער אינסטרומענט; א מין קרייפען, וועלכע מען פלעגט בענוצען אין מיטעלאלטער; א שארף=פערשפיצטע זאך וואס איז ענליך צו א גריפעל אדער א בליישטיפט [ווי דער פיסטיל אין א פלאנצע]; א ברוק אדער פאדלאגע וואס איז אויסגעפלאסטערט מיט שרעג=ליעגענדע פיערעקיגע פלאטען.

poin'ter *n.* (פאינ'-טער) אן אנצייגער, אן אנווייזער; דער ווייזער פון א זייגער אדער פון א קאמפאס; א טייטעל; אן אינסטרומענט מיט א שארפען שפיץ דורכצושניידען אדער דורכצושטעכען עפעס; ביי מויערער — אן אינסטרומענט אויסצוהאקען די אלטע פערטריקענטע וואפנע צווישען די ציעגעל אין א מויער; דער הויבעל איבערצושטעלען די ווייכע פון אן אייזענבאהן [די בעוועגליכע רעלסע אדער שינע, דורך וועלכער מען פיהרט איבער א צוג פון איין אייזענבאהן=ליניע אויף א צווייטער]; דער שפיר=הונד [א מין יאגד=הונד].



Pointer

poin'ter-dog *n.* (פאינ'-טער-דאג) דער שפיר=הונד. ז. *pointer*.

point'-fin'der *n.* (פאינט'-פאינ'-דער) אין פערספעקטיוו=צייכנונג — אן אינסטרומענט, דורך וועלכען עס ווערט בעשטימט דער פערשווינדע=פונקט אין א צייכנונג. ז. *vanishing-point*.

poin'ting *n.* (פאינ'-טינג) דאס פונקטירען, דאס שטעלען אבשטעל=צייכענס [אין שרייבען]; די פונקטיר=צייכענס, די אבשטעל=צייכענס; דאס ארויסהאקען די פערטריקענטע וואפנע צווישען ציעגעל אין א מויער און דאס אנפילען דעם לעדיגען פלאץ מיט נייער וואפנע; אין סקולפטור — דאס אבצייכנען מיט פונקטען די אויסערע ליניען פון א מאדעל אום איהם צו רעפראדוצירען אין מארמאר; אין גרויסע מיהלען — דער ערשטער פראצעס אין מאהלען קארן [דאס אבריינינגען די קערנדלעך פון די אנגעוואקסענע שפיצלעך און פון שאלעכץ].

poin'ting-machine' *n.* (פאינ'-טינג-מע-שין') א מאשין צו פערשפיצען פלעקלעך, טשוועקלעך, נאדלען, שפילקעס א. ד. ג.; אן אפאראט וואס ווערט בענוצט פון סקולפטארען אבצוצייכנען מיט פונקטען די אויסערע ליניען פון א סקולפטור=מאדעל אום איהם צו רעפראדוצירען פינקטליך אין מארמאר; א מאשין וואס לעגט אוים אבגעדרוקטע בויגענס פאפיער אום זיי צו בעשניידען.

poin'ting-stock *n.* (פאינ'-טינג-סטאק) א געגענשטאנד פון שפאט [א זאך פון וועלכער מען לאכט אב]. ז. *laughing-stock*.

point'-lace *n.* (פאינט'-לייס) דין טאמבורירטע שפיצען אדער קרוזשעווע.

point'less *a.* (פאינט'-לעס) 1. אהן א שפיץ; טעמפ; ניט שטעכיג; 2. ניט צום פונקט, ניט צו דער זאך.

2. The argument was **pointless**.

point of attack' (פאינט אוו ע-טעק') דער פונקט אין א פעסטונג, אויף וועלכען עס איז געריכטעט די הויפט אטאקע פון שונא.

point of con'tact (פאינט אוו קאנ'-טעקט) א בעריהרונגס=פונקט.

The relationship of buyer and seller is our only **point of contact**.

point of con'troversy (פאינט אוו קאנ'-טרא-וואיר-סי) א שטרייט=פונקט.

point of exclama'tion (פאינט אוו עקס-קלע-מיי'-שאן) אן אויסגעשריי=צייכען אין שריפט [!].

point of hon'or (פאינט אוו אנ'-אר) אן עהרען=פונקט, אן עהרען=פראגע, א זאך אדער ווארט וואס ריהרט אן איינעמס עהרע.

point of in'cidence (פאינט אוו אינ'-סי-דענס) אין אפטיק — א פונקט אויף אן אויבערפלעכע, אויף וועלכער עס פאלט א ליכט=שטראהל.

point of interroga'tion (פאינט אוו אינ-טער-א-גיי'-שאן) א פראגע=צייכען [?].

point of land (פאינט אוו לענד) א לאנד=שפיץ [א שמאל שטיקעל לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין וואסער].

point of law (פאינט אוו לאה) א יורידישער פרינציפ אדער רעגעל; א זאך וואס איז שייך צו יוריספרודענץ.

point of or'der (פאינט אוו אהר'-דער) א בעמערקונג צום טאגעס=ארדנונג [א פראגע וואס ווערט געשטעלט צום פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג אדער צו דער פערזאמלונג גופא אויב דער פונקט וואס ווערט פערהאנדעלט איז געזעצליך לויט די פארלאמענטארישע רעגעלען אדער לויט דער קאנסטיטוציאן פון דער ארגאניזאציאן].

point of se'cancy (פאינט אוו סיע'-קענ-סי) אין מאטעמאטיק — דער שניט=פונקט [ווען א ליניע שניידט דורך א קרייז].

point of sight (פאינט אוו סאיט) דער שטאנדפונקט, דער געזיכטס=פונקט, דער פונקט פון וועלכען מען בעטראכט עפעס.

point of view (פאינט אוו וויו) דער שטאנדפונקט.

From the **point of view** of America, European countries are unprogressive.

point of vi'sion (פאינט אוו וויזש'-אן) דער שטאנדפונקט, דער געזיכטס=פונקט, דער פונקט, פון וועלכען עטוואס ווערט בעטראכט אדער בעאבאכטעט.

point out (פאינט אוט) אנצייגען, אנווייזען, צייגען, ווייזען, אנווינקען; בעצייכנען; בעשטימען.

points'man *n.* (פאינטס'-מען) אין ענגלאנד — דער וויכען=שטעלער אויף אן אייזענבאהן [דער ארבייטער וועלכער שטעלט איבער די בעוועגליכע רעלסע אדער שינע אום אריבערצופיהרען א צוג פון איין אייזענבאהן=ליניע אויף א צווייטער].

points'man's house (פאינטס'-מענז האוס) דאס הייזעל פון אייזענבאהן=וועכטער.

points of the com'pass (פאינטס אוו טהי קאמ'-פעס) די פונקטען, וואו די 32 ליניען וואס געהען ארוים פון צענטער פון א קאמפאס שניידען זיך איבער מיט דעם קרייז.

point to (פאינט טו) צייגען אויף עפעס.

point'-to-point' *adv.* (פאינט'-טו-פאינט') אין א גלייכער ליניע; פון איין ענדע=פונקט ביז'ן צווייטען.

poise *v. and n.* (פאיז) וועגען, אבוועגען; באלאנסירען; איבערלעגען זיך; זיין אין גלייכגעוויכט מיט עפעס אדער אימעצען; האלטען אין גלייכגעוויכט; אראבוועגען, אראבדריקען; הענגען [ווי אין דער לופטען], זיין אונבעשטימט; געוויכט, שווערקייט; א וואג; א געגען=געוויכט, א גלייכגעוויכט; געזעצטקייט, רוהיגקייט, גלייכמעסיגקייט [אין כאראקטער]; דאס הענגען אין דער לופט; דאס באלאנסירען.

poised *a.* (פאיזד) אבגעוואגען; גלייך שווער, אין גלייכגעוויכט.

poise down (פאיז דאון) איבערוועגען, ארונטערדריקען.

poise'less *a.* (פאיז'-לעס) אהן געוויכט; זעהר לייכט.

poi'ser *n.* (פאי'-זער) איינער וואס וועגט, אן אבוועגער.

poi'son *n. and v.* (פאיזן) גיפט, סם; פערגיפטען; פערפעסטען, פערדארבען.

poi'sonable *a.* (פאי'זנ-עבל) וואס קען פערגיפטעט אדער פער'סמ'ט ווערען.

poi'son-ash *n.* (פאי'זנ-עש) ז. *poison-sumac*.

poi'son-bag *n.* (פאי'זנ-בעג) ז. *poison-sac*.

poi'son-cup *n.* (פאי'זנ-קאפ) דער גיפט=בעכער [אזא בעכער אדער קרוג, וועלכער, ווי מען האט געגלויבט, ווערט צובראכען, ווען מען גיסט אין איהם אריין גיפט און דערמיט קען מען ענטדעקען אויב די פליסיגקייט, וואס איז אין איהם אריינגעגאסען, איז פערגיפטעט].

poi'son-dog'wood *n.* (פאי'זנ-דאג'-הוואוד) ז. *poison-sumac*

poi'son-el'der *n.* (פאי'זנ-על'-דער) ז. *poison-sumac*

poi'soner *n.* (פאי'זנ-ער) א פערגיפ־טער, א גיפט־מישער; א פערדארבער.

poi'son-fang *n.* (פאי'זנ-פענג) דער גיפט־צאהן [פון א שלאנג].

poi'son-hem'lock *n.* (פאי'זנ-העמ'-לאק) ז. *hemlock*

poi'son-i'vy *n.* (פאי'זנ-אי'-ווי) א גיפטיגער קוסט אדער בוש מיט דינע צווייגלעך וואס קלעטערען און פלעכטען זיך איבער בוימער, פעלזען א. ד. ג.

poi'son-nut *n.* (פאי'זנ-נאט) דער ברעך־נוס [א מין פלאך־רונדעס זעהר גיפטי־געס קערנדעל פון אן אזיאטישען בוימעל].

poi'son-oak *n.* (פאי'זנ-אוק) ז. *poison-ivy*

poi'son-or'gan *n.* (פאי'זנ-אהר'-גען) א גיפטיגער ארגאן אדער גליעד.

poi'sonous *a.* (פאי'זנ-אס) גיפטיג; זעהר שעדליך, געפעהרליך.

poi'sonously *adv.* (פאי'זנ-אס-לי) אויף א גיפטיגען, שעדליכען אדער גע־פעהרליכען שטייגער.

poi'sonousness *n.* (פאי'זנ-אס-נעס) גיפטיגקייט; פערדערבליכקייט.

poi'son-sac *n.* (פאי'זנ-סעק) א גיפט־האלטער, א גיפט־בייטעל אדער גיפט־דרי־זע [ווי ביי שלאנגען].

poi'son-su'mac *n.* (פאי'זנ-שוה'-מעק) א קליין זעהר שעהן און גיפטיג בוימעל פון די מערב־געגענדען פון צפון־אמעריקא.

poi'son the mind (פאיזן טהי מאינד) 1. פערגיפטען דעם מוח, גייסטיג פערדאר־בען; 2. ארויסרופען האס אדער פערבי־סענהייט געגען אימעצען.

2. The stepmother **poisoned the** father's **mind** against the children.

poi'son-tooth *n.* (פאי'זנ-טוהטה) ז. *poison-fang*

poi'son-tree *n.* (פאי'זנ-טריע) א גיפ־טיג בוימעל פון דרום־אזיען און אויס־טראליען.

poissarde' *n.* (פוא-סארד') א גנב; א געמיינע פרוי; א מארק־פרוי, א סעדעכע.

poi'trel *n.* (פאי'-טרעל) אן אייזערנער פאנציר צו בעשיצען די ברוסט פון א קריעגס־פערד [אין מיטעלאלטער].

poi'trine *n.* (פאי'-טרין) א ברוסט־פאנ־צער [פאר א מענשען אדער פאר א פערד].

pokal' *n.* (פא-קאל') א באקאל, א בע־כער.

poke *v. and n.* (פאוק) אריינרוקען, אריינשטעקען; דורכשטעכען, אריינשטע־כען; געבען א לייכטען שטויס אדער שטופ; אויפוועקען אדער אויפרעגען אימעצען; געהן לאנגזאם מיט פוילע טריט; טאפען אין דער פינסטער; דאס אריינרוקען, דאס אריינשטעכען; א זאק, וואס מען שטעכט אדער שטעקט אריין [ווי א שארף פלע־קעל, אן אהל א. ד. ג.]; א מין האלז־באנד אדער קראגען מיט א צוגעבונדענעם קורצען שטאנג, וואס מען טהוט אן אויף'ן האלז פון א בהמה אדער חיה אום זי זאל ניט קענען ארויסגעהן פון אן ארומ־געצאמטען פלאץ; איינער וועלכער געהט לאנגזאם מיט פוילע טריט; א פוילאק, א לעדיג־געהער; אן אלטמאדישער פרויען־הוט מיט אן ארויסגעשטארצטען פראנט; א טאש, א קעשענע; א זעקעל; דער לופט־פענכער פון א פיש; די קערמעס־בעערע [א מין אמעריקאנער גראז].

poke at home (פאוק עט האום) זיצען אין דער היים, זיך ניט ריהרען פון שטוב.

poke'-bon'net *n.* (פאוק'-באנ'-עט) א הויכער פרויען־הוט מיט אן ארויסגע־שטארצטען פראנט וואס מען פלעגט טרא־גען אין אנהויב פון נייצעהנטען יאהר־הונדערט.

poke fun (פאוק פאן) שפאס מאכען, טרייבען קאטאוועס.

poke fun at (פאוק פאן עט) אויסלא־כען איינעם, אבשפאטען.

poke'-net *n.* (פאוק'-נעט) א נעץ אויף א שטעקען. ז. *pole-net*

poke out (פאוק אוט) ארויסשטופען, ארויסרייסען, ארויסציהען; ארויסשטע־קען, ארויסשטארצען.

poke out one's way (פאוק אוט הוואנז הוויי) אויסגעפינען דעם וועג טאפענדי־גערהייד.

po'ker *n.* (פאו'-קער) א קאטשערע, א פייער־פערשארער, א שאר־אייזען; פאו־קער [אזא אמעריקאנער קארטען־שפיעל]; א שרעק־בילד, א סטראשידלע.



Poker

po'kerish *a.* (פאו'-קער-איש) 1. וואס ווארפט אן א פחד; מורא'דיג; 2. ווי א קאטשערע; שטייף.

1. There is something **pokerish** about a deserted dwelling, even in broad daylight. 2. Trying to be reserved he looks stiff and **pokerish**.

po'kerishly *adv.* (פאו'-קער-איש-לי) שטייף; ווי א קאטשערע.

po'ker-pain'ting *n.* (פאו'-קער-פיינ'-טינג) דאס מאכען א בילד אויף האלץ מיט א צוגליהטען אייזען.

po'ker-pic'ture *n.* (פאו'-קער-פיק'-טשור) א בילד וואס איז געמאכט אויף האלץ מיט א צוגליהטען אייזען.

poke'weed *n.* (פאוק'-הוויעד) א מין אמעריקאנער צווייגיג גראז מיט ווייסע בליהונגען און מיט פורפור־רויטע יאג־דעס.

po'king *a.* (פאו'-קינג) נידריג, קנעכ־טיש, געמיין.

po'ky *a.* (פאו'-קי) טעמפ, דום, נאריש [וועגען מענשען]; ענג, שמאל [וועגען א פלאץ]; ארים, געמיין.

polac'ca *n.* (פא-לעק'-א) א מין שיף מיט צוויי אדער דריי מאסטען [אין מי־טעללענדישען ים]; א פאלאנעז [אזא טאנץ], די מוזיק פון א פאלאנעז.

Po'lack *n.* (פאו'-לעק) א פאליאק, א פוילישער.

pola'cre *n.* (פא-לא'-קער) א שיף מיט צוויי אדער דריי מאסטען; א מאסט וואס איז געמאכט פון איין שטיק האלץ.

Po'lander *n.* (פאו'-לענ-דער) א פא־ליאק, א פוילישער.

po'lar *a.* (פאו'-לאר) פאלאר, וואס איז שייך צום פאל אדער צום ענד־פונקט פון דער אימאגינערער [פארגעשטעלטער אינ־געדאנק] אקס־ליניע פון א קוגעל; וואס איז שייך צום פאל פון ערד־קוגעל; וואס געפינט זיך אדער וואס קומט פון די פא־לארע געגענדען פון דער ערד; וואס איז שייך צום פאל אדער צום ענד־פונקט פון א מאגנעט.

po'lar bear (פאו'-לאר בעהר) דער אייז־בער [דער ווייסער בער וואס לעבט אין די קאלטע געגענדען ארום נארד־פאל פון דער ערד].

Polar Bear

po'lar cir'cles (פאו'-לאר סוירקלז) די פאלאר־קרייזען [דיביידע קרייזען אויף דעם ערד־קוגעל, וואס ליעגען פאראלעל צום עקוואטאר און שטעהען אב פון די פאלען אויף א שטרע־קע פון 23½ גראד. די פאלאר־קרייזען בע־צייכנען די גרענעץ פון די קאלטע פאלאר־גע־גענדען פון דער ערד].

po'lar dis'tance (פאו'-לאר דיס'-טענס) די דיסטאנץ אדער דער מרחק פון א געוויסען פונקט אויף א קוגעל ביז דעם פאל פון דיע־זען קוגעל.

polarim'eter *n.* (פאו-לע-רימ'-ע-טער) א פאלאריסקאפ. ז. *polariscope*



Polariscope

polar'iscope *n.* (פא-לער'-אי-סקאופ) א פא־לאריסקאפ [אן אינסטרומענט צו אונטער־זוכען פאלאריזירטעם ליכט]. ז. *polarization of light*

po'larise *v.* (פאו'-לאר-איז) ז. *polarize*

polar'ity *n.* (פא-לער'-אי-טי) פאלארי־טעט; דאס האבען צוויי ענטגעגענגעזעצ־טע פאלען; דער אונטערשיעד אין געווי־סע פיזישע אייגענשאפטען, וואס ווייזט זיך ארויס אין צוויי ענטגעגענגעזעצטע פונקטען אדער פאלען פון א זאך [ווי פון א מאגנעט, א ליכט־שטראהל א. ד. ג.]; דאס זיין צוגעצויגען צו איין פאל און אבגעשטויסען פון צווייטען; פאלאריזא־ציאן, די נאטור פון א ליכט־שטראהל צו בעזיצען פערשיעדענע אייגענשאפטען אין זיינע פערשיעדענע ריכטונגען.

po'larizable *a.* (פאו'-לאר-אי-זעבל) וואס קען פאלאריזירט ווערען. ז. *polarization*

polariza'tion *n.* (פאו-לאר-אי-זיי'-שאן) פאלאריזאציאן, דער אונטערשיעד אין געוויסע פיזישע אייגענשאפטען, וואס ווייזט זיך ארויס אין צוויי ענטגעגענגע־זעצטע ענדען אדער פאלען פון א זאך; אין אפטיק — די נאטור פון א ליכט־שטראהל צו בעזיצען פערשיעדענע איי־גענשאפטען אין זיינע פערשיעדענע ריכ־טונגען; אין עלעקטריציטעט — דאס אב־זעצען זיך פון גאזען אויף די עלעקטרא־דען אין אן עלעקטרישער באטעריי דורך די מאלעקולארע בעוועגונגען וואס ווערען ארויסגערופען פון דעם עלעקטרישען שטראם.

polariza'tion of light (פּאָו–לאַר–אי–זיי'–שאַן אָוו לאַיט) די פּאָלאַריזאַציאָן פון ליכט, די אייגענשאַפט וואָס אַ ליכט־שטראַהל בעקומט דורך געוויסע בעדינגונגען, דאָס אַלע וויבראַציאָנען [בעוועגונגען] פון עטהער אין דיעזען שטראַהל קומען פאָר אין איין איינציגער פלעכע, וועהרענד אין אַ געוועהנליכען ליכט־שטראַהל קומען דיעזע וויבראַציאָנען פאָר אין פערשיעדענע פלעכען. אַזאַ פּאָלאַריזירטער שטראַהל פערלירט די פעהיגקייט רעפלעקטירט [צוריקגעוואָרפען] צו ווערען אָדער געבראַכען צו ווערען [אַ ליכט־שטראַהל ווערט פּאָלאַריזירט, ווען ער ווערט רעפלעקטירט אָדער צוריקגעוואָרפען פון אַ שפּיגעל, פון אַ וואַסער־פלעכע א. ד. ג., זוען ער ווערט דורכגעלאָזען דורך אַ סעריע דורכזיכטיגע גלאָז־פּלאַטען, וועלכע שטעהען אין אַ פּאַראַלעלער ריכטונג צו דעם איינפאַלס־ווינקעל פון דעם שטראַהל און דורך אַ דאָפּעלטער שטראַהלען־ברעכונג].

po'larize *v.* (פּאָו'–לאַר–איז) פּאָלאַריזירען [ווי דאָס ווערט געטהאָן מיט אַ ליכט־שטראַהל, אַז ער זאָל פערלירען די פעהיגקייט רעפלעקטירט אָדער געבראָכען צו ווערען. ז. *polarization of light*]; אין עלעקטריציטעט — בעדעקען מיט אַ גאַז־שיכט דורך דער ווירקונג פון עלעקטרישען שטראָם [ווי דאָס פּאַסירט מיט דער נעגאַטיווער פּלאַטע פון אַ וואָלטאָישער באַטעריי].

po'larized *a.* (פּאָו'–לאַר–איזד) פּאָלאַריזירט. ז. *polarize*

po'larizer *n.* (פּאָו'–לאַר–אי–זער) דער טייל פון אַ פּאָלאַריסקאָפּ [אַן אָפּטישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען פּאָלאַריזירטעס ליכט] דורך וועלכען עס ווערט פּאָלאַריזירט דאָס ליכט. ז. *polariscope*

po'lar lights (פּאָו'–לאַר לאַיטס) דאָס נאָרד־ליכט [אַ ליכט־ערשיינונג וואָס טרעפט זיך אָפט אין די פּאָלאַר־לענדער און ווייזט זיך ארויס ווי זעהר אַ גרויסער העל־שיינענדער בויגען פון אַ בלייך־געלבען קאָליר מיט שטראַהלען וואָס שיינען אַב אויף זעהר אַ ווייטער שטרעקע].

po'lar star (פּאָו'–לאַר סטאַר) דער פּאָלאַר־שטערן, דער פּלאַנעט ווענוס.

pol'der *n.* (פּאָול'–דער) אַ נידריגעס און זומפּיגעס שטיק לאַנד, וואָס איז ארומגעבויט מיט אַ וואַל אום עס זאָל ניט פערפלייצט ווערען פון וואַסער [אַזעלכע שטיקער לאַנד זיינען פאַראַן פיעל אין האָלאַנד און צפון־דייטשלאַנד].

Pole *n. and v.* (פּאָול) דער פּאָל [איינער פון די צוויי ענד־פּונקטען פון אַן אַקס־ליניע, וואָס שניידט דורך אַ קוגעל]; דער נאָרדליכער אָדער זידליכער ענד־פּונקט פון דער ערד; איינער פון די צוויי פּונקטען אין הימעל־געצעלט, וואו די אימאַגינער [פאַרגעשטעלט] פערלענגערטע אַקס־ליניע פון דער ערד שניידט דורך דעם הימעל; דער פּאָלאַר־שטערן; איינער פון די צוויי פּונקטען פון אַ מאַגנעט, עלעקטרישער באַטעריי א. ד. ג., אויף וועלכע עס זיינען קאָנצענטרירט ענטגעגענגעזעצטע פיזישע אייגענשאַפטען [ווי צוציהונג און אָבשטויסונג]; אַ שטאַנג; אַ לאַנגער פערשפּיצטער פּלאָקען; דער דייקסעל אָדער דישעל פון אַ וואָגען; דער מאָס־רוט [אַ שטאַנג צו מעסטען לאַנד. האַלט 5½ יאַרד אָדער 16½ פוס]; אָנשטעלען פּלעקער אַלס שטיץ־שטאַנגען; אָנבינדען אויף שטאַנגען [ווי די שטענגלעך פון באָב־פּלאַנצען]; טראָגען אויף שטאַנגען; טרייבען אָדער שטופּען [אַ שיף] מיט אַ האָקען־שטאַנג [קעקשע].

Pole *n.* (פּאָול) אַ פּאָליאַק, אַ פּוילישער, אַ געבאָרענער אָדער איינוואָהנער פון פּוילען.

pole'ax *n.* (פּאָול'–עקס) אַ פּאַרצייטיגע וואָפע אין דער פאָרם פון אַ האַק אויף אַ לאַנגען שטעקען; אַ שטרייט־האַק.

pole'cat *n.* (פּאָול'–קעט) אַ טכויר, אַן אילטיס, אַ שעשקע.

Polecat

pole'-chan'ger *n.* (פּאָול'–טשיינ'–דזשער) אַ פּאָל־ווענדער, אַ שטראָם־ווענדער [אַ פאָררכטונג, דורך וועלכער מען קען אומבייטען די ריכטונג פון אַן עלעקטרישען שטראָם].

pole'-fence *n.* (פּאָול'–פענס) אַ צאָם פון אַריינגעשלאָגענע פּלעקער.

pole'-hedge *n.* (פּאָול'–העדזש) ז. *pole-fence*

pole'-hook *n.* (פּאָול'–הוק) אַ האָקען אָדער קרוק אויף דעם ענד פון אַ דייקסעל אָדער דישעל פון אַ וואָגען.

pole'-horse *n.* (פּאָול'–האָהרס) אַ דישעל־פערד [דאָס מיטעלסטע פערד אין די אַלאַבלעס]

pole'less *a.* (פּאָול'–לעס) אָהן אַ דייקסעל אָדער דישעל [וועגען אַ וואָגען].

pol'emarch *n.* (פּאָל'–ע–מאַרק) דער פּאָלעמאַרך [דער טיטול פון אַ הויכען בעאַמטען אין אַלט־גריכענלאַנד].

pole'-mast *n.* (פּאָול'–מעסט) אַ מאַסט [אויף אַ שיף] וואָס איז געמאַכט פון איין בוים.

polem'ic *a. and n.* (פּאַ–לעמ'–איק) פּאָלעמיש, וואָס איז שייך צו אַ פּאָלעמיק [אַ מינדליכער אָדער שריפטליכער שטרייט וועגען אַ ליטעראַרישער, וויסענשאַפטליכער אָדער סאָציאַל־פּאָליטישער פראַגע]; אַ פּאָלעמיק, אַ פּלוגתא, אַ וואָרט־שטרייט; אַ פּאָלעמיקער, איינער וואָס פיהרט אַן אַ מינדליכען אָדער שריפטליכען שטרייט וועגען אַ געוויסער פראַגע.

polem'ical *a.* (פּאַ–לעמ'–אי–קעל) פּאָלעמיש, וואָס איז שייך צו אַ פּאָלעמיק. ז. *polemic*

polem'ically *adv.* (פּאַ–לעמ'–אי–קעל–אי) אויף אַ פּאָלעמישען שטייגער; פיהרענדיג אַ מינדליכען אָדער שריפטליכען שטרייט איבער אַ געוויסער פראַגע.

polem'ics *n.* (פּאַ–לעמ'–איקס) פּאָלעמיק, דאָס האַלטען ויכוחים איבער געוויסע פראַגען; די געשיכטע אָדער די אַרט־און־ווייזע פון פיהרען ויכוחים איבער פערשיעדענע רעליגיעזע פראַגען.

pol'emist *n.* (פּאָל'–ע–מיסט) אַ פּאָלעמיסט, אַ פּאָלעמיקער, איינער וואָס פיהרט אַן אַ מינדליכען אָדער שריפטליכען שטרייט איבער אַ געוויסער פראַגע.

pol'emoscope *n.* (פּאָל'–ע–מאַ–סקאָופּ) אַ מיליטערישער שפּאַקטיוו, דורך וועלכען מען קען קוקען אין אַלע זייטען אין איין צייט.

pole'-net *n.* (פּאָול'–נעט) אַ נעץ אויף אַ שטעקען.

polen'ta *n.* (פּאַ–לענ'–טאַ) פּאָלענטאַ, מאַמאַליגע [אַ קאַשע פון מאַאיס אָדער קוקורוזע־מעהל].

pole'-plate *n.* (פּאָול'–פּלייט) דער האָריזאָנטאַל־ליעגענדער באַלקען, אויף וועלכען עס האַלטען זיך די קראַקוועס פון אַ דאַך.

pole'-star *n.* (פּאָול'–סטאַהר) דער פּאָלאַר־שטערן, דער נאָרד־שטערן; דאָס וואָס דיענט אַלס פיהרער אָדער וועג־ווייזער.

pole'-strap *n.* (פּאָול'–סטרעפּ) אַ דיקער רימען, וואָס פעראייניגט אַ וואָגען־דישעל מיט'ן האַלז פון דעם איינגעשפּאַנטען פערד.

pole'-vault *n.* (פּאָול'–וואָהלט) אַ שפּרונג [איבער אַ קלאָץ] מיט דער הילף פון אַ לאַנגען שטעקען.

pole'-vault'ing *n.* (פּאָול'–וואָהלט'–אינג) דאָס שפּרינגען מיט דער הילף פון אַ שטעקען.

pole'ward *adv.* (פּאָול'–הוואַרד) אין דער ריכטונג צום נאָרד אָדער זיד־פּאָל.

pole'wards *adv.* (פּאָול'–הוואַרדז) ז. *poleward*

po'ley *a.* (פּאָו'–לי) לאַבאַטע, אָהן הערנער.

police' *n. and v.* (פּאַ–ליעס') 1. פּאָליציי; עפענטליכע אָרדנונג און פערוואַלטונג; 2. דאָס אַבריינגען, דאָס ברייגנען אין אָרדנונג; ערפילונג פון ניט מיליטערישע פליכטען [ביי מיליטער]; 3. בעוואַכען, אויפהאַלטען אָרדנונג; בעשיצען [דורך פּאָליציי]; אַבריינגען, ברייגנען אין אָרדנונג [ביי מיליטער].

3. It is difficult to **police** the town during a strike.

police' board (פּאַ–ליעס' באָורד) אַ קאָמיטעט וואָס פערוואַלטעט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פון אַ שטאָדט.

police' cap'tain (פּאַ–ליעס' קעפּ'–טיין) אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר [פּריסטאַוו].

police' commis'sioner (פּאַ–ליעס' קאַ–מיש'–אַנ–ער) אַ פּאָליציי־פּרעפעקט, דער הויפּט פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין אַ שטאָדט.

police' con'stable (פּאַ–ליעס' קאַנ'–סטעבל) אַ פּאָליציסט.

police' court (פּאַ–ליעס' קאָורט) אַ פּאָליציי־געריכט.

police' force (פּאַ–ליעס' פאָורס) די פּאָליציי.

police' inspec'tor (פּאַ–ליעס' אינ–ספּעק'–טאַר) אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר, דער העכסטער פּאָליציי־בעאַמטער פון אַ שטאָדט־דיסטריקט.

police' jus'tice (פּאַ–ליעס' דזשאַס'–טיס) ז. *police magistrate*

police' mag'istrate (פּאַ–ליעס' מעדזש'–איס–טרייט) אַ פּאָליציי־ריכטער, אַ ריכטער פון אַ פּאָליציי־געריכט.

police'man *n.* (פּאַ–ליעס'–מען) אַ פּאָליציסט.

police'-nip'pers *n.* (פּאַ–ליעס'–ניפּ'–ערז) קאַנדאַלען.

police' of'fice (פּאַ–ליעס' אָפ'–איס) ז. *police station*

police' of'ficer (פּאַ–ליעס' אָפ'–אי–סער) אַ פּאָליציסט.

police' rate (פּאַ–ליעס' רייט) אַ שטאָדטישער שטייער צום אויסהאַלטען די פּאָליציי [אין ענגלאַנד].

police' ser'geant (פּאַ–ליעס סאַר'–דזשענט) אַ פּאָליציי־סערזשאַנט, אַ קליינער פּאָליציי־בעאַמטער.

police' sta'tion (פּאַ–ליעס' סטיי'–שאַן) אַ פּאָליציי־צירקעל, אַ פּאָליציי־וואַך.

policlin'ic *n.* (פאל-אי-קלינ'-איק) א פאליקליניק, אן אלגעמיינער שטאדטישער שפיטאל. ז. ***polyclinic***

pol'icy *n.* (פאל'-אי-סי) 1. פאליטיק; טאקטיק; טאקטישקייט; 2. א פערזיכערונגס=צייגניס, א פאליסע; א רעגיערונגס=אקציע [אין ענגלאנד]; דאס וועטען אויף לאטערעע=נומערען.

1. Honesty is the best **policy**.

pol'icy-book *n.* (פאל'-אי-סי-בוק) א בוך פון א פערזיכערונגס=געזעלשאפט, וואו עס זיינען פערשריבען די פאליסעס אדער פערזיכערונגס=צייגניסע, וואס די געזעלשאפט האט ארויסגעגעבען.

pol'icy-hol'der *n.* (פאל'-אי-סי-האול'-דער) דער בעזיצער פון א פערזיכערונגס=שיין [פאליסע], א פערזיכערטער, אן אסעקורירטער.

pol'icy-shop *n.* (פאל'-אי-סי-שאפ) א פלאץ וואו מען וועט אויף לאטערעע=נומערען.

pol'icy-slip *n.* (פאל'-אי-סי-סליפ) א צייגניס וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף דעם איינגעלעגטען געלד ביים וועטען אויף לאטערעע=נומערען.

poliencephali'tis *n.* (פאל-אי-ענ-סעפ-ע-לאי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם גרויען מארך=שטאף אין קאפ.

po'ling *n.* (פאו'-לינג) דאס געברויכען א פלאקען; דער הילצערנער ארומשלאג אדער אויספוטערונג אין א טונעל; זיך אנשטאפען דעם קאפ [לערנענדיג פאר אן עקזאמען].

poliomyeli'tis *n.* (פאל-אי-א-מאי-ע-לאי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם גרויען שטאף פון דעם רוקען=מארך.

pol'ish *v. and n.* (פאל'-איש) 1. פאלירען, שלייפען, גלאט מאכען, ארויפציהען א גלאנץ; 2. פערפיינערען, אויסעדלען, מאכען עלעגאנט; 3. קריעגען א גלאנץ, ווערען גלאט אדער פאלירט; שמייסען, שלאגען; 4. גלאטקייט, גלאנץ, פאלירטקייט, געשליפענקייט, פאליטור; 5. עלעגאנץ, פערפיינערונג.

1. Let me **polish** my shoes. 5. A college education gives a man **polish**.

Po'lish *a. and n.* (פאו'-ליש) פויליש; די פוילישע שפראך; א מין שעהנע הוהן; דאמקעס.

pol'ishable *a.* (פאל'-איש-עבל) וואס קען פאלירט ווערען אדער געשליפען ווערען; וואס קען געמאכט ווערען גלאט אדער גלאנציג.

Po'lish ber'ry (פאו'-ליש בער'-אי) א מין אינזעקט, פון וועלכען מען מאכט רויטע פארב.

Po'lish check'ers (פאו'-ליש טשעק'-ערז) דאמקעס.

Po'lish draughts (פאו'-ליש דרעפטס) ז. ***Polish checkers***

pol'ished *a.* (פאל'-אישט) 1. פאלירט; געשליפען, גלאנציג, גלאט; 2. פיין, עלעגאנט, העפליך.

2. He is a man of refined, **polished** manners.

pol'isher *n.* (פאל'-איש-ער) איינער אדער עטוואס וואס פאלירט, שלייפט, מאכט גלאט אדער גלאנציג; א פאלירער; א בוכבינדער=אינסטרומענט צו מאכען גלאט און גלאנציג דאס לעדער פון'ם באנד.

pol'ishing *n.* (פאל'-איש-אינג) דאס פאלירען אדער שלייפען; פאליטור; פערפיינערונג.

pol'ishing-bed *n.* (פאל'-איש-אינג-בעד) אזא מאשין צו שלייפען שטיינער.

pol'ishing-cask *n.* (פאל'-איש-אינג-קעסק) א פעסעל, אין וועלכען קליינע מעטאלענע זאכען ווערען בעדעקט מיט פאליר=שטאף און ווערען פאלירט רייבענדיג זיך איינע אין די אנדערע, ווען דאס פעסעל ווערט געבראכט אין בעוועגונג.

pol'ishing-disk *n.* (פאל'-איש-אינג-דיסק) א שלייף=רעדעל [אן אינסטרומענט פון דענטיסטען צו שלייפען צייהנער].

pol'ishing-i'ron *n.* (פאל'-איש-אינג-אי'-ערן) א פאליר=אייזען, א גלעט=אייזען אין בוכבינדעריי; א פלעט=אייזען אין א וואש=הויז צו פרעסען אנגעקראכמאלעטע וועש.

pol'ishing-machine' *n.* (פאל'-איש-אינג-מע-שין') א פאליר=מאשין, א שלייף=מאשין, א מאשין צו מאכען גלאט און גלאנציג [מעטאלען, שטיינער, גלאז א. ז. וו.].

pol'ishing-paste *n.* (פאל'-איש-אינג-פייסט) שוה=וואקס; מעבעל=פאליטור [אין א פערהארטעוועטער אדער טייגיגער פארם].

pol'ishing-pow'der *n.* (פאל'-איש-אינג-פאו'-דער) פאליר=פולווער.

pol'ishings *n.* (פאל'-איש-אינגז) דער שלייף=שטויב, דער שטויב וואס קומט אראב ביים שלייפען [הויפטזעכליך פון עדעלשטיינער].

pol'ishing-slate *n.* (פאל'-איש-אינג-סלייט) דער פאליר=שיעפער [א שיעפער=שטיין, מיט וועלכען מען פאלירט גלאז, מארמאר א. ז. וו.]; א מין שארפשטיין [צו שארפען און שלייפען געצייג].

pol'ishing-stone *n.* (פאל'-איש-אינג-סטאון) ז. ***polishing-slate***

pol'shing-wheel *n.* (פאל'-איש-אינג-הוויעל) א פאליר=ראד [א ראד, אויף וועלכען מען פאלירט, מען מאכט גלאט און גלאנציג פערשיעדענע זאכען].

pol'ish off (פאל'-איש אף) שנעל אב'פטר'ען.

polite' *a.* (פא-לאיט') 1. העפליך, עדעל, פיין; גוט=ערצויגען; 2. ראפינירט, פערפיינערט, געשליפען [אין סטיל].

1. Children should be taught to be **polite**.

polite' arts (פא-לאיט' ארטס) די שעהנע קינסטע.

polite' lit'erature (פא-לאיט' ליט'-ע-רע-טשור) די שעהנע ליטעראטור, בעלעטריסטיק.

polite'ly *adv.* (פא-לאיט'-לי) מיט העפליכקייט; אויף אן עדעלען, פיינעם, גוט=ערצויגענעם אופן.

polite'ness *n.* (פא-לאיט'-נעס) העפליכקייט, עדעלקייט, פיינקייט.

polite' soci'ety (פא-לאיט' סא-סאי'-ע-טי) די הויכע געזעלשאפט.

politesse' *n.* (פאל-אי-טעס') ז. ***politeness***

pol'itic *a.* (פאל'-אי-טיק) פאליטיש; קלוג, וועלט=קלוג, כיטרע.

polit'ical *a. and n.* (פא-ליט'-אי-קעל) פאליטיש; א ציווילער בעאמטער; א פאליטישער פערברעכער.

polit'ical assess'ments (פא-ליט'-אי-קעל ע-סעס'-מענטס) בייסטייערונגען פון בעאמטע און וואהל=קאנדידאטען פאר א וואהל=אגיטאציאן [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

polit'ical econ'omist (פא-ליט'-אי-קעל אי-קאנ'-א-מיסט) אן עקאנאמיסט, א קענער פון פאליטישער עקאנאמיע, א לעהרער פון פאליטישער עקאנאמיע, א שרייבער איבער פאליטישער עקאנאמיע. ז. ***political economy***

polit'ical econ'omy (פא-ליט'-אי-קעל אי-קאנ'-א-מי) פאליטישע עקאנאמיע [די וויסענשאפט, וועלכע פארשט די געזעצע פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון די פעלקער און די בעדינגונגען פון פראדוקציאן און פערטיילונג פון רייכטימער].

polit'ical geog'raphy (פא-ליט'-אי-קעל דזשי-אג'-רע-פי) פאליטישע געאגראפיע [דער טייל פון געאגראפיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער פאליטישער איינטיילונג פון דער ערד].

polit'icalism *n.* (פא-ליט'-אי-קעל-איזם) דאס זיין שטארק פערטהאן אין פאליטיק.

polit'ical law (פא-ליט'-אי-קעל לאה) דער טייל פון יוריספרודענץ, וואס האט א שייכות צו דער ארגאניזאציאן פון שטאאטען און צו זייערע בעציהונגען צווישען זיך און צו זייערע בירגער.

polit'ical lib'erty (פא-ליט'-אי-קעל ליב'-ער-טי) פאליטישע פרייהייט [ווי די פרייהייט פון פערזאן, פרעס=פרייהייט, רעדע=פרייהייט, געוויסענס=פרייהייט, דאס רעכט אנטייל צו נעהמען אין די וואהלען פון רעגיערונגס=בעאמטע, פאלקס=פערטרעטער א. ד. ג.]; פאליטישע פרייהייט אדער אונאבהענגיגקייט פון א לאנד.

polit'ically *adv.* (פא-ליט'-אי-קעל-אי) אויף א פאליטישען אופן; אין בעצוג צו פאליטיק.

polit'ical pow'er (פא-ליט'-אי-קעל פאו'-ער) פאליטישע מאכט; איינפלוס אויף דער רעגיערונג.

polit'ical sci'ence (פא-ליט'-אי-קעל סאי'-ענס) פאליטישע וויסענשאפט, שטאאטס=וויסענשאפט [די וויסענשאפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פארם פון רעגיערונגען, מיט די פרינציפען, אויף וועלכע זיי זיינען געבויט, מיט די געזעצען וועגען דער בעציהונג פון כלל צום יחיד און פון איין בירגער צום צווייטען א. ד. ג.].

polit'icaster *n.* (פא-ליט'-אי-קעס-טער) אן אויך מיר פאליטיקער, א הינטער=אויווען פאליטיקער, א לעזשאנקע=פאליטיקער.

politi'cian *n.* (פאל-אי-טיש'-ען) א פאליטיקער, א שטאאטסמאן; איינער וואס מישט זיך אין פאליטיק; איינער וואס פערנעהמט זיך מיט פאליטיק צוליעב פערזענליכע צוועקען.

polit'icise *v.* (פא-ליט'-אי-סאיז) ז. ***politicize***

polit'icize *v.* (פא-ליט'-אי-סאיז) זיך פערנעהמען מיט פאליטיק.

pol'itics *n.* (פאל'-אי-טיקס) פאליטיק; שטאאטס=וויסענשאפט.

pol'ity *n.* (פאל'-אי-טי) א רעגיערונגס=פארם, א רעגיערונגס=סיסטעם.

polk *v.* (פאולק) טאנצען א פאלקע.

pol'ka *n.* (פאול'-קא) א פאלקע [אזא טאנץ]; די מוזיק פון א פאלקע.

pol'ka-dot *n.* (פאול'-קא-דאט) א מוסטער פון שטאף פאר פרויען=קליידער וואס בעשטעהט פון קייקעלעך אדער רונדע פינטעלעך.

pol'ka-gauze *n.* (פאול'-קא-גאהז) מארלע אדער גאז [א לייכטער דורכזיכטיגער געוועב] וואס איז דורכגעוועבט מיט דיקע פונקטען אדער קייקעלעך [ווי פרויען=שלייערס א. ד. ג.].

pol'ka-jack'et *n.* (פאול'-קא-דזשעק'-

עט) אזא קורצער געשטריקטער דראמעיאק.

poll *n. and v.* (פאול) דער קאפ; דער הינטער=קאפ, די פאטילניצע; א פערזאן, וואס איז פערשריבען אין א ליסטע; א ליסטע פון פערזאנען; א וואהל=ליסטע; א שטים=פלאץ, א פלאץ וואו מען גיט אב די שטימען ביי די וואהלען; א קאפ=שטייער; דער ברייטער ענד פון א האמער; דער דיק=קאפ [אזא פיש]; א פאפוגאי; א סטודענט פון קעמברידזשער אוניווערזיטעט אין ענגלאנד, וועלכער האט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אבער אהן אן אויסצייכנונג; קעפען, אבהאקען דעם קאפ; אבהאקען די שפיצען, די הערנער א. ד. ג.; אבשערען די האר; אבשניידען, אבהאקען; בערויבען, בעפלינדערען; פערשרייבען אין דער וואהל=ליסטע; רעגיסטרירען; צאהלען קאפ=שטייער; אויספארשען אדער זיך דערוויסען אימעצענס מיינונג; שטימען, ווארפען א גאלקע, אבגעבען א שטימע ביי די וואהלען; ציהען אדער קריגען שטימען ביי די וואהלען.

pol'lack *n.* (פאל'-עק) אזא ים=פיש, וועלכער געפינט זיך אין פערשיעדענע געגענדען אין אייראפא, ווי אויך אין פאסיפישען ים.

poll'-adz *n.* (פאול'-עדז) א העקעל וואס דער צווייטער ענד איז א' האמער.

poll a ju'ry (פאול ע דזשו'-רי) אויסרופען יעדען פון די געשווארענע ריכטער מיט'ן נאמען און איהם פרעגען, אויב דער אורטייל וואס דער פארזיצענדער האט פארגעלעזען איז אין דער ווירקליכקייט דער, צו וועלכען יעדער איינער האט איינגעשטימט.

pol'lan *n.* (פאל'-ען) אזא זארט אירלענדישער טייך=הערינג.

pol'lard *n. and v.* (פאל'-ארד) אן ארומגעשניטענע מטבע; אן ארומגעהאקטער בוים; א לאבאטע בהמה אדער חיה [אן אקס אדער הירש א. ד. ג. וואס האט קיין הערנער ניט]; קלייען פון ווייץ; דער דיק=קאפ [אזא פיש]; ארומהאקען א בוים.

poll'-book *n.* (פאול'-בוק) א וואהל=ליסטע, א וואהל=רעגיסטער.

poll'-clerk *n.* (פאול'-קלוירק) א געהילף פון דעם פארזיצענדען ביי די וואהלען, דער שרייבער, וואס פערצייכענט די וואהל=שטימען.

polled *a.* (פאולד) ארומגעהאקט, ארומגעשניטען [ווי א בוים]; פליכעוואטע; ארומגעשארען [די האר]; ראזירט; לאבאטע [אהן הערנער].

pol'len *n. and v.* (פאל'-ען) בלומען=שטויב; בעדעקען מיט בלומען=שטויב [דער בעפרוכטונגס=שטאף פון פלאנצען, וואס האט די פארם פון א גאנץ דינעם געלבליכען שטויב].

pollena'rious *a.* (פאל-ע-ניי'-ריאס) וואס בעשטעהט פון מעהל; וואס בעשטעהט פון בלומען=שטויב.

pollena'tion *n.* (פאל-ע-ניי'-שאן) ז. *pollenization*.

pol'len-catarrh' *n.* (פאל'-ען-קע-טאר') ז. *hay-fever*.

pol'len-fe'ver *n.* (פאל'-ען-פיע'-ווער) ז. *hay-fever*.

polleniza'tion *n.* (פאל-ען-אי-זיי'-שאן) דאס בעפרוכטען מיט בלומען=שטויב.

pol'lenize *v.* (פאל'-ען-איז) בעפרוכטען מיט בלומען=שטויב.

pol'len-paste *n.* (פאל'-ען-פייסט) בלומען=שטויב געמישט מיט האניג ווי די ביענען מאכען עס צו שפייזען די יונגע.

pol'lent *a.* (פאל'-ענט) קרעפטיג, מעכטיג.

poll'er *n.* (פאול'-ער) א שטים=אבגעבער, א וועהלער; איינער וואס רעגיסטרירט די וועהלער; איינער וואס האקט ארום בוימער; א שערער, א ראזירער.

poll'-e'vil *n.* (פאול'-אי'וול) אזא נאקען=געשוויר אדער קאפ=געשוויר ביי א פערד.

pol'lex *n.* (פאל'-עקס) דער גראבער פינגער [פון דער האנד אדער פוס].

pol'lical *a.* (פאל'-אי-קעל) וואס איז שייך צום גראבען פינגער [פון דער האנד אדער פון פוס].

pollicita'tion *n.* (פא-ליס-אי-טיי'-שאן) א פערשפרעכען; א פרייוויליגע פערפליכטונג; אן איינזייטיגעס פערשפרעכען [א פערשפרעכען וואס איז נאך ניט אנגענומען געווארען פון דער פערזאן צו וועמען עס איז געמאכט].

pol'linar *a.* (פאל'-אי-נאר) אין באטאניק — בעדעקט מיט א דינעם שטויב וואס איז עהנליך צו בלומען=שטויב.

pol'linate *v.* (פאל'-אי-נייט) ז. *pollenize*.

pol'linated *a.* (פאל'-אי-ניי-טעד) אין באטאניק — בעזארגט מיט בלומען=שטויב.

pollina'tion *n.* (פאל-אי-ניי'-שאן) אין באטאניק — דאס בעפרוכטען מיט בלומען=שטויב; די בעפרוכטונג פון פלאנצען דורך אינזעקטען, וועלכע בריינגען צו זיי דעם בלומען=שטויב.

pollinc'tor *n.* (פא-לינק'-טאר) איינער וואס פארבערייטעט די מאטעריאלען צום איינבאלזאמירען טויטע קערפערס.

poll'ing-booth *n.* (פאול'-אינג-בוהטה) א וואהל=לאקאל [דער פלאץ וואס עס ווערט איינגעריכטעט אבצוגעבען די שטימען ביי די וואהלען].

poll'ing-place *n.* (פאול'-אינג-פלייס) א וואהל=לאקאל, א וואהל=פלאץ.

poll'ing-sta'tion *n.* (פאול'-אינג-סטיי'-שאן) ז. *polling-place*.

pollin'ic *a.* (פא-לינ'-איק) וואס איז שייך צו בלומען=שטויב.

pollinif'erous *a.* (פאל-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט בלומען=שטויב, וואס טראגט בלומען=שטויב [וועגען קערפערטיילען פון אינזעקטען, אין וועלכע זיי טראגען אריבער בלומען=שטויב פון איין פלאנצע צו דער אנדערער].

pollinig'erous *a.* (פאל-אי-נידזש'-ע-ראס) וואס זאמלען און טראגען בלומען=שטויב [ווי ביענען].

pol'liwig *n.* (פאל'-אי-הוויג) די ערשטע פארם פון א פראש אין די מעטאמארפאזען פון איהר ענטוויקלונג. ז. *metamorphosis*.

pol'liwog *n.* (פאל'-אי-הוואג) ז. *polliwig*.

poll'-mon'ey *n.* (פאול'-מאנ'-אי) ז. *poll-tax*.

poll'-par'rot *n.* (פאול'-פער'-אט) א פאפוגאי.

poll'-tax *n.* (פאול'-טעקס) קאפ=שטייער, קאפ=געלד, א שטייער וואס איז ארויפגעלעגט אויף יעדען שטים=אבגעבער אדער וועהלער.

pollute' *v.* (פא-ליוט') 1. בעפלעקען, בעשמוצען, פערראונרייניגען, מטמא זיין; פראפאנירען, מחלל זיין; 2. פערגוואלטיגען [א פרויענצימער].

1. The sewage of the town **polluted** the stream. 2. The assassins murdered the father and **polluted** the woman.

pollu'ted *a.* (פא-ליו'-טעד) בעפלעקט, בעשמוצט; בערויבט פון עהרע, פערגוואלדיגט [וועגען א פרוי].

pollu'tedness *n.* (פא-ליו'-טעד-נעס) בעפלעקטקייט, בעשמוצטקייט; דאס זיין פערראונרייניגט; דאס זיין בערויבט פון עהרע אדער פערגוואלדיגט [וועגען א פרוי].

pollu'ter *n.* (פא-ליו'-טער) א בעפלעקער, א מחלל; איינער וואס פערשוועכט אדער פערראונרייניגט; איינער וואס רויבט די עהרע פון א פרוי.

pollu'tingly *adv.* (פא-ליו'-טינג-לי) אויף א פערראונרייניגענדען, פערשוועכענדען שטייגער.

pollu'tion *n.* (פא-ליו'-שאן) די בעפלעקונג, די בעשמוצונג, די פערראונרייניגונג, דער חלול; פאלוציאן [דאס ארויסלאזען דעם זאמען אדער שכבת=זרע ניט אין דער צייט פון געשלעכטס=פעראייניגונג מיט א פרוי].

pol'ly *n.* (פאל'-אי) א פאפוגאי.

pol'lywig *n.* (פאל'-אי-הוויג) ז. *polliwig*.

pol'lywog *n.* (פאל'-אי-הוואג) ז. *polliwig*.

po'lo *n.* (פאו'-לאו) א מין פילקע=שפיעל, וואו די שפיעלער רייטען אויף פערד; א מין שפאנישער טאנץ.

polonaise' *n.* (פאו-לא-נייז') א פאלאנעז [א מין טאנץ]; די מוזיק פון א פאלאנעז; א מין אלטמאדיש פרויען=קלייד.

Polonese' *n.* (פאו-לא-נים') די פויליש שע שפראך.

Polo'nian *a. and n.* (פא-לאו'-ני-ען) פויליש, וואס איז שייך צו פוילען אדער צו די פאליאקען; א פאליאק.

polo'nium *n.* (פא-לאו'-ני-אם) פאלאניום, א כעמישער עלעמענט עהנליך צו ראדיום.

Po'lonize *v.* (פאו'-לא-נאיז) פאלאניזירען, מאכען פויליש.

polo'ny *n.* (פא-לאו'-ני) טרוקענע ווארשט פון האלב=געקאכטען שווייגען=פלייש.

pol'ska *n.* (פאול'-סקא) א מין שוועדישער טאנץ; די מוזיק צו אזא טאנץ.

polt *n.* (פאולט) א שלאג, א שטויס.

polt'-foot *n. and a.* (פאולט'-פוט) א קרומפיסיגער; קרומפיסיג.

poltroon' *n.* (פאל-טרוהן') א שוואך=הערציגער מענש, א טרוס, א שוועכלינג, א שרעקעדיגער, א פחדן.

poltroon'ery *n.* (פאל-טרוהנ'-ע-רי) שרעקעדיגקייט, פייגהייט, שוואך=הערציגקייט.

poltroon'ish *a.* (פאל-טרוהנ'-איש) שרעקעדיג; מוטלאז.

pol'verin *n.* (פאל'-ווע-רין) ז. *polverine*.

pol'verine *n.* (פאל'-ווע-רין) איבערגעברענטע אש פון א געוויסער פלאנצע [ווערט געברויכט אין דער פאבריקאציאן פון גלאז].

po'ly *n.* (פאו'-לי) א מין גאמאנדער [אזא פלאנצע]. ז. *germander*.

polyacous'tic *a. and n.* (פאל-אי-ע-קוהס'-טיק) וואס פערגרעסערט דעם קלאנג; אן אינסטרומענט צו פערגרעסערען אדער פערשטארקערען דעם קלאנג.

polyacous'tics *n.* (פאל-אי-ע-קוהס'-טיקס) די לעהרע וועגען פערגרעסערען אדער פערמעהרען די קלאנגען.

pol'yact *a.* (פאל'-אי-עקט) וואס האט פיעל שטראהלען [וועגען די שטערן=ארטיגע ים=חיות און ים=פלאנצען].

polyac'tinal *a.* (פאל-אי-עק'-טי-נעל) וואס האט פיעל שטראהלען. ז. ***polyact***

pol'yadelph *n.* (פאל'-אי-ע-דעלף) אין באטאניק — א פלאנצע וואס האט דריי אדער עטליכע בינטלעך שטויב=געפעס [די מענליכע געשלעכטס=ארגאנען].


Polyadelph

Polyadel'phia *n.* (פאל-אי-ע-דעל'-פי-א) אין באטאניק — די פלאנצען מיט שטויב=געפעס, וועלכע זיינען צוזאמענגעוואקסען אין דריי אדער מעהר בינטלעך. ז. ***polyadelph***

polyadel'phian *a.* (פאל-אי-ע-דעל'-פי-ען) אין באטאניק — וואס האט שטויב=געפעס, וועלכע זיינען צוזאמענגעוואקסען אין דריי אדער מעהר בינטלעך; פאליאדעלפיש.

polyadel'phous *a.* (פאל-אי-ע-דעל'-פאס) ז. ***polyadelphian***

polyan'dria *n.* (פאל-אי-ען'-דרי-א) פאליאנדריע, דאס האבען עטליכע מאנען מיט איין מאל; אין באטאניק — א קלאס פלאנצען, וועלכע האבען פיעל בעזונדערע שטויב=געפעס [די מענליכע געשלעכטס=ארגאנען פון א פלאנצע].

polyan'drian *a.* (פאל-אי-ען'-דרי-ען) אין באטאניק — פיעל=מעניג, מיט א סך שטויב=געפעס [מענליכע געשלעכטס=ארגאנען].

polyan'dric *a.* (פאל-אי-ען'-דריק) פאליאנדריש, וואס איז שייך צו פאליאנדריע. ז. ***polyandry***

polyan'drous *a.* (פאל-אי-ען'-דראס) ז. ***polyandrian***

polyan'dry *n.* (פאל-אי-ען'-דרי) פאליאנדריע, פיעל=מענעריי [דאס האבען עטליכע מאנען מיט א מאל].

polyan'gular *a.* (פאל-אי-ען'-גיו-לאר) וואס האט פיעל ווינקלען.

polyan'thous *a.* (פאל-אי-ען'-טהאס) וואס האט פיעל בלומען [וועגען א פלאנצע].

polyan'thus *n.* (פאל-אי-ען'-טהאס) די שליסעל=בלום אדער פרימעל [אזא געלבע גארטען=בלום אויף הויכע שטענגלעך, וועלכע געהען ארויס פון א בינטעל ברייטע בלעטער]. ז. ***primrose***

Polyanthus

pol'yarchist *n.* (פאל'-אי-אר-קיסט) א פאליארכיסט, אן אנהענגער פון פאליארכיע [א רעגיערונג פון פיעלע].

pol'yarchy *n.* (פאל'-אי-אר-קי) פאליארכיע [א רעגיערונג וואס ווערט געפיהרט פון מעהרערע רעגיערער און ניט פון איין הערשער].

polyautog'raphy *n.* (פאל-אי-אה-טאג'-רע-פי) פאליאויטאגראפיע, דאס אראבנעהמען מעהרערע קאפיעס פון א געשריבענעם מאנוסקריפט ווי דורך ליטאגראפיע [שטיין=דרוק] א. ד. ג.

polycar'pic *a.* (פאל-אי-קאר'-פיק) פיעל=פרוכטיג, וואס גיט ארויס פרוכט מעהרערע מאל.

Polycar'pon *n.* (פאל-אי-קאר'-פאן) די נאגעל=קרויט פלאנצען [אזא מין גראזען וועלכע וואקסען אין די מעסיג=ווארימע און הייסע געגענדען, אויף וועלכע עס וואקסען קליינע ווייסע בלימעלעך אייננגעהילט אין פינף קעלך=בלעטלעך און האבען דריי אדער פינף שטענגלעך].

polycel'lular *a.* (פאל-אי-סעל'-יו-לאר) אין באטאניק — וואס בעשטעהט פון פיעלע צעלען.

polycen'tric *a.* (פאל-אי-סען'-טריק) וואס האט מעהרערע צענטערן אדער מיטעל=פונקטען.

polyceph'alous *a.* (פאל-אי-סעפ'-ע-לאס) פיעל=קעפיג.

pol'ychord *a. and n.* (פאל'-אי-קאהרד) וואס האט א סך סטרונעס; אזא באנדורע=עהנליכער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט צעהן סטרונעס.

polychres'tic *a.* (פאל-אי-קרעס'-טיק) וואס לאזט זיך געברויכען אויף פערשיעדענע אופנים אדער אין פערשיעדענע פערבינדונגען [ווי א מעדיצין, א ווארט א. ד. ג.].

polychromat'ic *a.* (פאל-אי-קרא-מעט'-איק) פיעל=פארביג, פערשיעדען=פארביג.

polychromat'ic proc'ess (פאל-אי-קרא-מעט'-איק פראס'-עס) א געוויסער פאטאגראפישער פראצעס צו מאכען בילדער אין פערשיעדענע קאלירען.

pol'ychrome *a. and n.* (פאל'-אי-קראום) פיעל=פארביג; אזא שימערענדער שטאף, וועלכער בעשטעהט פון א פערבינדונג פון קויהלען=שטאף, וואסער=שטאף און זויער=שטאף [ער האט די פארם פון פריזמאטישע קריסטאלען, האט א ביטערען געשמאק און קיין גערוך].

pol'ychrome prin'ting (פאל'-אי-קראום פרינ'-טינג) פיעל=פארביגע דרוקעריי.

polychro'mic *a.* (פאל-אי-קראו'-מיק) ז. ***polychromatic***

pol'ychromy *n.* (פאל'-אי-קראו-מי) פיעל=פארביגקייט, פערשיעדען=פארביגקייט; דאס מאלען מיט פערשיעדענע פארבען.

Polycle'tan *a.* (פאל-אי-קלי'-טען) וואס איז שייך צו דעם בעריהמטען אלט=גריכישען סקולפטאר פאליקלעטוס פון ארגאס אדער צו די קונסט=פרינציפען, וועלכע ער האט געשאפען.

polyclin'ic *n.* (פאל-אי-קלינ'-איק) א פאליקליניק, א שטאדטישער אלגעמיינער שפיטאל [הויפטזעכליך וואו קראנקע ליעגען ניט, נאר בעקומען בלויז מעדיצינישען ראטה].

polyco'ria *n.* (פאל-אי-קאו'-רי-א) דאס פערהאנדענזיין פון מעהר ווי איין שווארץ=אפעל אין אויג.

polycotyle'don *n.* (פאל-אי-קאט-אי-לי'-דאן) א פלאנצע וואס האט מעהר ווי צוויי זאמען=בלעטלעך [די בלעטלעך וועלכע שפראצען ארויס פון זאמען=קערנדעל].

polycotyle'donous *a.* (פאל-אי-קאט-אי-לי'-דאנ-אס) וואס זייערע זאמען=קערנדלעך האבען מעהר ווי צוויי זאמען=בלעטלעך [וועגען פלאנצען].

polyc'racy *n.* (פא-ליק'-רע-סי) פיעל=הערשאפט, א רעגיערונג פון פיעלע הערשער.

polycyc'lic *a.* (פאל-אי-סיק'-ליק) פיעל=פאך גערדעהט, וואס האט פיעל רונדרונגען.

polycythe'mia *n.* (פאל-אי-סאי-טהי'-מי-א) אן איבערפלוס פון רויטע קארפוסקעלס [קייקעלעך] אין בלוט.

polydac'tyl *a. and n.* (פאל-אי-דעק'-טיל) פיעל=פינגערדיג, וואס האט פיעל פינגער [מעהר ווי נארמאל]; א חיה וואס האט פיעל פינגער.

polydac'tylism *n.* (פאל-אי-דעק'-טי-ליזם) דאס האבען מעהר פינגער ווי נארמאל.

polydac'tylous *a.* (פאל-אי-דעק'-טי-לאס) פיעל=פינגערדיג, וואס האט מעהר פינגער ווי נארמאל.

polydac'tyly *n.* (פאל-אי-דעק'-טי-לי) ז. ***polydactylism***

polydimen'sional *a.* (פאל-אי-די-מענ'-שאנ-על) וואס האט מעהר ווי דריי דימענזיאנען [וועגען אן אבסטראקטער פיגור, וועלכע מען שטעלט זיך פאר, אז זי האט מעהר ווי די דריי מעגליכע אויסמעסטונגען: ברייט, הויך און לענג].

polydip'sia *n.* (פאל-אי-דיפ'-סי-א) א קראנקהאפטער איבערטריבענער דורשט.

polyem'bryony *n.* (פאל-אי-עמ'-ברי-א-ני) אין באטאניק — די עקזיסטענץ פון צוויי אדער מעהר עמבריאס אין איין זאמען=קערנדעל.

polyer'gic *a.* (פאל-אי-אויר'-דזשיק) וואס ווירקט אדער וואס האט די קראפט צו ווירקען אין מעהרערע וועגען אדער אויף פערשיעדענע אופנים.

polyeth'nic *a.* (פאל-אי-עטה'-ניק) וואס איז בעוואהנט פון אדער וואס ענטהאלט מעהרערע נאציאנען אדער ראסען.

pol'yfoil *n. and a.* (פאל'-אי-פאיל) אין ארכיטעקטור — אן עפנונג [ווי א פענסטער אדער טהיר] אדער אן ארנאמענט וואס בעשטעהט פון פיעל בלעטערפערמיגע ארנאמענטען; וואס איז בעציערט מיט פיעל בלעטער [מעהר ווי פינף]; וואס בעשטעהט פון פיעל בלעטער [וועגען אן ארכיטעקטור=בעציערונג].

polyga'mian *a.* (פאל-אי-גיי'-מי-ען) מיט מענליכע און ווייבליכע בליטהען אויף דערזעלבער פלאנצע.

polyg'amist *n.* (פא-ליג'-ע-מיסט) א פאליגאמיסט, איינער וואס האט עטליכע ווייבער.

polyg'amize *v.* (פא-ליג'-ע-מאיז) פראקטיצירען פאליגאמיע; האבען פיעל ווייבער.

polyg'amous *a.* (פא-ליג'-ע-מאס) פאליגאמיש, וואס איז שייך צו פאליגאמיע. ז. ***polygamy***

polyg'amy *n.* (פא-ליג'-ע-מי) פאליגאמיע [דאס האבען פיעל ווייבער אויף איין מאל].

The Mormons believe in the practice of **polygamy** as an article of faith.

polygas'trian *a. and n.* (פאל-אי-געס'-טרי-ען) ז. ***polygastric***

polygas'tric *a. and n.* (פאל-אי-געס'-טריק) מיט פיעלע מאגענס; א בעשעפעניש [ווי געוויסע מיקראסקאפישע חיה'=

לעך] וואס האבען אדער שיינען צו האבען פיעל פערדייאונגס=זעקעלעך אדער מאגענס.

polygen'esis *n.* (פאל-אי-דזשענ'-ע-סיס) אין ביאלאגיע — פאליגענעזיס, די לעהרע, אז ארגאניזמען ענטשטעהען פון פיעל פערשיעדענארטיגע צעלען אדער עמבריאנען.

polygenet'ic *a.* (פאל-אי-דזשי-נעט'-איק) וואס שטאמט פון מעהרערע פערשיעדענע אורזאכען; וואס האט זיך געבילדעט אויף פערשיעדענע אופנים אדער פון מעהרערע פערשיעדענע טיילען; פאליגענעטיש, וואס איז שייך צו פאליגענעזיס [ז. *polygenesis*].

polygen'ic *a.* (פאל-אי-דזשענ'-איק) צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע זארטען.

polyg'enism *n.* (פא-לידזש'-ע-ניזם) ז. *polygeny*

polyg'enist *n. and a.* (פא-לידזש'-ע-ניסט) א פאליגעניסט, איינער וועלכער האלט אז די מענשליכע ראסען זיינען ענטשטאנען פון פערשיעדענארטיגע זאאלאגישע אבשטאמונגען; וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע מינים אדער גאטונגען; צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע מינים.

polygenis'tic *a.* (פאל-אי-דזשי-ניס'-טיק) וואס איז שייך צו פאליגעניע. ז. *polygeny*

polyg'enous *a.* (פא-לידזש'-ע-נאס) וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע מינים אדער גאטונגען; צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע זארטען.

polyg'eny *n.* (פא-לידזש'-ע-ני) אין אנטראפאלאגיע — פאליגעניע, די לעהרע אז די מענשליכע ראסען זיינען ענטשטאנען פון בעזונדערע און פערשיעדענארטיגע זאאלאגישע אבשטאמונגען.

polyglos'sary *n.* (פאל-אי-גלאס'-ע-רי) א ווערטער=בוך אין פערשיעדענע שפראכען.

pol'yglot *a. and n.* (פאל'-אי-גלאט) פיעל=שפראכיג, וואס איז געברויכט אדער געשריבען אין פיעל שפראכען; א פאליגלאט [א בוך, בעזאנדערס די ביבעל, וואו די פסוקים זיינען געדרוקט אין בעזונדערע שורות אויף פערשיעדענע שפראכען]; איינער וואס קען פיעל שפראכען.

pol'yglott *n.* (פאל'-אי-גלאט) ז. *polyglot*

polyglot'tic *a.* (פאל-אי-גלאט'-איק) וואס קען פיעל שפראכען.

polyglot'tous *a.* (פאל-אי-גלאט'-אס) ז. *polyglottic*

pol'ygon *n.* (פאל'-אי-גאן) אין געאמעטריע — א פאליגאן [א פיגור וואס האט פיעלע עקען אדער ווינקלען].

polyg'onal *a.* (פא-ליג'-א-נעל) וואס האט די פארם פון א פאליגאן; פיעל=עקיג, פיעל=ווינקעלדיג, פיעל=קאנטיג.

polyg'onate *a.* (פא-ליג'-א-נייט) פיעל=גליעדערדיג, וואס האט פיעל געלענקען [וועגען חיות און פלאנצען].

polygoneu'tic *a.* (פאל-אי-גא-ניו'-טיק) וואס ווערען אויסגעבריהט אדער געבארען עטליכע מאל אין יאהר [וועגען די דורות פון אינזעקטען].

polygonomet'ric *a.* (פאל-אי-גאנ-א-מעט'-ריק) פאליגאנאמעטריש, וואס איז שייך צו פאליגאנאמעטריע. ז. *polygonometry*

polygonom'etry *n.* (פאל-אי-גא-נאמ'-ע-טרי) פאליגאנאמעטריע, די מעסטונג פון פיגורען וואס האבען פיעלע עקען אדער ווינקלען.

polyg'onous *a.* (פא-ליג'-א-נאס) ז. *polygonal*

Polygonum

Polyg'onum *n.* (פא-ליג'-א-נאם) א מין גראז=ארטיגע פלאנצען מיט דיקע שטענגלעך, מיט דיק אנגעוואקסענע קנאטען אדער געלענקען און מיט ברייטע בלעטער וואס וואקסען ארויס פון די קנאטען.

pol'ygram *n.* (פאל'-אי-גרעם) א פאליגראם, א פיגור וואס בעשטעהט פון פיעלע ליניען אדער שטריכען.

pol'ygraph *n.* (פאל'-אי-גרעף) א מאשין וואס שרייבט עטליכע קאפיעס מיט אמאל; א פערפאסער פון פיעלע ווערק; א פערפאסער, וועלכער שרייבט וועגען זאכען וואס געהערען צו פערשיעדענע טיילען פון וויסענשאפט; א זאמלונג פון פערשיעדענע ווערק געשריבען פון איינעם אדער פון פיעל מחברים.

polygraph'ic *a.* (פאל-אי-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צום שרייבען עטליכע קאפיעס מיט אמאל [ווי דורך א געוויסער שרייב=מאשין]; וואס איז געמאכט מיט א מאשין, וועלכע שרייבט עטליכע קאפיעס מיט אמאל.

polygraph'ical *a.* (פאל-אי-גרעפ'-אי-קעל) ז. *polygraphic*

polyg'raphy *n.* (פא-ליג'-רע-פי) פיעל=שרייבעריי, דאס שרייבען א סך; די קונסט צו שרייבען פיעלע פערשיעדענע שריפטען; די קונסט צו לעזען פערשיעדענע שריפטען.

pol'ygyn *n.* (פאל'-אי-דזשין) אין באטאניק — איינע פון די פלאנצען, וועלכע האבען אין זייערע בלומען מעהר ווי 12 נארבען [אויבערשטע עפנונגען פון פיסטיל, וועלכע נעהמען אין זיך אריין דעם בלומען=שטויב, אום בעפרוכטעט צו ווערען].

polygyn'ia *n.* (פאל-אי-דזשינ'-אי-א) פאליגעניע. ז. *polygyny*

polygyn'ian *a.* (פאל-אי-דזשינ'-אי-ען) ז. *polygynous*

polyg'ynist *n.* (פא-לידזש'-אי-ניסט) א פאליגיניסט, איינער וואס הייראט עטליכע ווייבער.

polyg'ynous *a.* (פא-לידזש'-אי-נאס) פאליגיניש, וואס הייראט מיט פיעל ווייבער; אין באטאניק — וואס געהערט צו דעם מין פלאנצען, וועלכע האבען אין זייערע בלומען מעהר ווי 12 נארבען [אויבערשטע עפנונגען פון פיסטיל, וועלכע נעהמען אין זיך אריין דעם בלומען=שטויב אום בעפרוכטעט צו ווערען].

polyg'yny *n.* (פא-לידזש'-אי-ני) פאליגיניע, דאס הייראטען מיט פיעל ווייבער.

polygy'ral *a.* (פאל-אי-דזשאי'-רעל) וואס האט פיעל רונדונגען אדער אבגערונדעטע קנייטשען [וועגען מושלען].

polyhe'dral *a.* (פאל-אי-הי'-דרעל) ז. *polyhedrous*

polyhe'dric *a.* (פאל-אי-הי'-דריק) ז. *polyhedrous*

polyhe'dron *n.* (פאל-אי-הי'-דראן) אין געאמעטריע — א סאלידער קערפער וואס האט פיעל פלאכע זייטען.

polyhe'drous *a.* (פאל-אי-הי'-דראס) פיעל=זייטיג, וואס האט פיעלע פלאכע זייטען.

polyhe'mia *n.* (פאל-אי-הי'-מי-א) פול=בלוטיגקייט; דאס האבען צופיעל בלוט.

polyhis'tor *n.* (פאל-אי-היס'-טאר) זעהר א געלעהרטער מאן, א גרויסער למדן, א פיעל=זייטיגער געלעהרטער.

Polyhym'nia *n.* (פאל-אי-הימ'-ני-א) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — פאליהימניא, די מוזע פון רעליגיעזען געזאנג [אויך פון לערנען און גערענקען].
ז. *Nine Muses*

polylep'idous *a.* (פאל-אי-לעפ'-אי-דאס) אין באטאניק — וואס האט א סך שופען; וואס איז בעדעקט מיט פיעל שופען אדער קליינע שאלעכצלעך [וועגען געוויסע פלאנצען].

pol'ymagnet *n.* (פאל'-אי-מעג-נעט) אן אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון עטליכע עלעקטרא=מאגנעטען.

polymas'tia *n.* (פאל-אי-מעס'-טי-א) דאס האבען מעהר בריסט אדער ברוסט=נאפלען ווי די נארמאלע צאהל.

pol'ymath *n.* (פאל'-אי-מעטה) א פיעל=זייטיגער געלעהרטער.

polymath'ic *a.* (פאל-אי-מעטה'-איק) וואס ווייסט פיעל, וואס איז פיעל=געלעהרט.

polym'athist *n.* (פא-לימ'-ע-טהיסט) ז. *polymath*

polym'athy *n.* (פא-לימ'-ע-טהי) דאס זיין געלערענט אין פיעל צווייגען פון וויסענשאפט.

polyma'zia *n.* (פאל-אי-מיי'-זי-א) ז. *polymastia*

polymer'ic *a.* (פאל-אי-מער'-איק) אין כעמיע — וואס איז שייך צו אדער האט דעם כאראקטער פון פאלימעריע. ז. *polymerism*

polymerisa'tion *n.* (פאל-אי-מער-אי-זיי'-שאן) ז. *polymerization*

polym'erism *n.* (פא-לימ'-ע-ריזם) אין כעמיע — פאלימעריע [די אייגענשאפט פון געוויסע כעמישע מישונגען צו אונטערשיידען זיך אין זייער מאלעקולארען געוויכט און כעמישע אייגענשאפטען, כאטש זיי זיינען געבילדעט פון דיזעלבע עלעמענטען און פעראייניגט אין דערזעלבער פראפארציע].

polymeriza'tion *n.* (פאל-אי-מער-אי-זיי'-שאן) די פעראייניגונג פון צוויי אדער עטליכע מאלעקולען אין א כעמישער פערבינדונג, אויסבילדענדיג א מעהר קאמפליצירטען מאלעקול מיט א גרעסערען אטאמישען געוויכט און מיט עטוואס אנדערע פיזישע און כעמישע אייגענשאפטען.

polym'erous *a.* (פא-לימ'-ע-ראס) וואס האט פיעל טיילען אדער גליעדער; וואס איז שייך צו פאלימעריע. ז. *polymerism*

polym'eter *n.* (פא-לימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען ווינקלען; אן אפאראט צו מעסטען די דיסטאנץ צווישען די רעלסען אדער שינען פון אן אייזענבאהן.

pol'ymorph *n.* (פאל'-אי-מאהרף) אין כעמיע — א שטאף וואס קריסטאליזירט זיך אין צוויי אדער עטליכע בעזונדערע פארמען; אין ביאלאגיע — אן אינדיווידואום פון א געוויסען מין אדער נא-

טונג, וועלכער אונטערשיידעט זיך אין פיעל פאכען פון די אנדערע אינדיווידו־אומען פון דעמזעלבען מין.

polymor'phic *a.* (פאל־אי־מאהר׳־פיק) ז. *polymorphous*

polymor'phism *n.* ־מאהר׳־ (פאל־אי־מאהר׳־פיזם) פאלימארפיזם [אין כעמיע — די אייגענשאפט פון געוויסע שטאפען צו קריסטאליזירען זיך אין עטליכע פערשיע־דענארטיגע פארמען; אין ביאלאגיע — די פערשיעדענארטיגקייט פון פארמען ביי די אינדיווידואומען פון איינעם און דעמזעלבען מין].

polymor'phous *a.* (פאל־אי־מאהר׳־פאס) פיעל־געשטאלטיג; וואס שטעלט מיט זיך פאר פערשיעדענארטיגע פארמען.

pol'ymorphy *n.* (פאל׳־אי־מאהר־פי) ז. *polymorphism*

polymyosi'tis *n.* (פאל־אי־מאי־א־סאי׳־טיס) אן ענטצינדונג פון עטליכע מוסקו־לען.

pol'yneme *n.* (פאל׳־אי־נים) א מין פיש מיט אונטערשטע פלוס־פעדערען, וועלכע בעשטעהען פון לאנגע פראיינ־צעלטע ניט צוזאמענגעוואקסענע בוויגיגע שטעקעלעך [געפינט זיך אין די ימים פון די הייסע לענדער].

Polyne'sian *a. and n.* (פאל־אי־ני׳־שיען) פאלינעזיש; וואס איז שייך צו די פאלינעזישע אינזלען; אן איינוואהנער פון פאלינעזיען.

polyne'sian *a.* (פאל־אי־ני׳־שיען) פול מיט אינזלען; אויסגעזעצט מיט אינזלען.

polyneuri'tis *n.* (פאל־אי־ניו־ראי׳־טיס) אן ענטצינדונג פון עטליכע נער־ווען מיט אמאל.

polyn'ia *n.* (פא־לינ׳־אי־א) אן אפענער ניט פערפרארענער פלאץ אין דעם אייז וואס בעדעקט א טייך אדער אן אזערע.

pol'ynome *n.* (פאל׳־אי־נאום) אן אל־געבראאישער אויסדרוק פון עטליכע גליע־דער; אין זאאלאגיע און באטאניק — א נאמען וואס בעשטעהט פון מעהר ווי צוויי ווערטער. ז. *polynomial*

polyno'mial *a. and n.* (פאל־אי־נאו׳־מי־על) וואס בעשטעהט פון פיעל נעמען אדער טערמינען; אין מאטעמאטיק — אן אלגעבראאישער אויסדרוק, וועלכער בע־שטעהט פון עטליכע גליעדער, וועלכע זיי־נען פעראייניגט דורך די צייכענס + אדער — [ווי למשל, $ax^2+by-cz$]; אין זאאלאגיע און באטאניק — א וויסענ־שאפטליכער נאמען פון א געוויסען מין חיות אדער פלאנצען, וואס בעשטעהט פון מעהר ווי צוויי בעזונדערע ווערטער אדער טערמינען.

polyno'mialism *n.* (פאל־אי־נאו׳־מי־על־איזם) די מעטאדע צו בעצייכנען דעם וויסענשאפטליכען נאמען פון פערשיעדע־נע מינים חיות אדער פלאנצען מיט עט־ליכע ווערטער אדער טערמינען.

polyom'matous *a.* (פאל־אי־אמ׳־א־טאס) פיעל־אויגיג; וואס האט פיעל אויגען.

polyon'omous *a.* (פאל־אי־אנ׳־א־מאס) וואס האט פיעל נעמען אדער טיטו־לען.

polyon'omy *n.* (פאל־אי־אנ׳־א־מי) ז. *polynomialism*

pol'yonym *n.* (פאל׳־אי־א־נים) א פא־ליאנים, א נאמען פון א מין חיות אדער פלאנצען, וואס בעשטעהט פון עטליכע בע־זונדערע ווערטער אדער טערמינען.

polyon'ymy *n.* (פאל־אי־אנ׳־אי־מי) ז. *polynomialism*

polyo'pia *n.* (פאל־אי־או׳־פי־א) דאס פיעלפאכע זעהן, דאס זעהן עטליכע גע־גענשטענדע מיט אמאל ווען אין דער ווירקליכקייט איז דא נור איינער.

polyop'tron *n.* (פאל־אי־אפ׳־טראן) ז. *polyoptrum*

polyop'trum *n.* (פאל־אי־אפ׳־טראם) א שפאקטיוו, דורך וועלכען א זאך ווערט געזעהן פיעלפאכיג, אבער פערקלענערט.

pol'yopy *n.* (פאל׳־אי־א־פי) ז. *polyopia*

polyora'ma *n.* (פאל־אי־א־רא׳־מא) א פאנאראמע. ז. *panorama*

pol'yp *n.* (פאל׳־איפ) [א קליין א פאליפ ים־חיה׳לע פון דעם קלאס ווייך־טהיערע, ביי וועלכען דער ארגאניזם בעשטעהט פון א זעקעלע, וואס ענדיגט זיך מיט א קרויג־דעל אדער רונדער רייה פון פיהל־הערנד־לעך, מיט וועלכע עס כאפט די רויב. די פאליפען בילדען אויס די קאראלען אין ים. זעה די אילוסטראציאן אונטען].

Coral showing Polyps

polypa'ria *n.* (פאל־אי־פיי׳־רי־א) ז. *polypary*

polypa'rium *n.* (פאל־אי־פיי׳־רי־אם) ז. *polypary*

pol'ypary *n.* (פאל׳־אי־פע־רי) דער שטאם, צו וועלכען פאליפען זיינען צוגע־וואקסען.

pol'yp-col'ony *n.* (פאל׳־איפ־קאל׳־א־ני) א צוזאמענקלייבונג אדער צוזא־מענוואקסונג פון פאליפען.

pol'ype *n.* (פאל׳־איפ) ז. *polyp*

polyp'ean *a. and n.* (פא־ליפ׳־אי־ען) וואס איז שייך צו א פאליפ, ווי א פאליפ; א פאליפ; א פאליפען־עהנליכער ארגא־ניזם. ז. *polyp*

polypet'alous *a.* (פאל־אי־פעט׳־ע־לאס) אין באטאניק — וואס האט צוויי אדער מעהר בלומען־בלעטעלעך.

polypha'gia *n.* (פאל־אי־פיי׳־דזשי־א) אין מעדיצין — פאליפאגיע, דאס שטענ־דיג וועלען עסען, אן אונבעפרידיגטער אפעטיט; אין זאאלאגיע — דאס ער־נעהרען זיך מיט פערשיעדענע ארטען שפייז.

polyphag'ic *a.* (פאל־אי־פעדזש׳־איק) פאליפאגיש, וואס ערנעהרט זיך מיט פער־שיעדענע ארטען שפייז.

polyph'agous *a.* (פא־ליפ׳־ע־גאס) פיעלעס פרעסענד [וואס ערנעהרט זיך מיט פערשיעדענע זאכען].

polyph'agy *n.* (פא־ליפ׳־ע־דזשי) ז. *polyphagia*

polyphar'macy *n.* (פאל־אי־פאר׳־מע־סי) דאס פערשרייבען פיעל רפואות אין איין רעצעפט; דאס קארמען מיט א סך רפואות.

polyphe'mous *a.* (פאל־אי־פי׳־מאס) איין־אויגיג; מיט איין אויג; ציקלאפיש. ז. *polyphemus*

polyphe'mus *n.* (פאל־אי־פי׳־מאס) א חיה וואס האט נאר איין אויג; א ציקלאפ [א לעגענדארער איין־אויגיגער ריעז]; א גרויסער אמעריקאנישער זייד־ווארים אדער זייד־באבעלע.

polypho'bia *n.* (פאל־אי־פאו׳־בי־א) א קראנקהאפטער שרעק אדער מורא פאר פיעל זאכען.

pol'yphone *n.* (פאל׳־אי־פאון) א פא־ליפאן, א מוזיקאלישער שפיעל־קאסטען, וועלכער שפיעלט איין מעלאדיע אין פיע־לע שטימען; א בוכשטאב אדער שריפט־ליכער צייכען, וואס האט עטליכע קלאנ־גען אדער אויסשפראכען.

polypho'nian *a.* (פאל־אי־פאו׳־ני־ען) ז. *polyphonic*

polyphon'ic *a.* (פאל־אי־פאנ׳־איק) וואס קען אויסגעשפראכען ווערען פיעל־ארטיג אדער פערשיעדענארטיג; וואס בעשטעהט פון פיעל קלאנגען; אין מו־זיק — וואס איז שייך צו א מוזיקאלי־שער קאמפאזיציאן, וועלכע ווערט אויס־געפיהרט דורך פיעל שטימען און יעדע שטימע פערליערט ניט איהר זעלבסט־שטענדיגקייט.

pol'yphonism *n.* (פאל׳־אי־פאו־ניזם) פיעל־קלאנגיגקייט, דאס האבען פיעלע ווי־דער־קלאנגען; אין מוזיק — דאס אויס־פיהרען א מוזיקאליש שטיק מיט פיעל שטימען וואו יעדע שטימע ווערט דורכ־געפיהרט זעלבסטשטענדיג.

pol'yphonist *n.* (פאל׳־אי־פאו־ניסט) איינער וועלכער קען נאכאהמען פערשיע־דענע שטימען; איינער וועלכער פערבינדט פערשיעדענע מוזיקאלישע טיילען אין איין הארמאנישע גאנצע.

pol'yphonous *a.* (פאל׳־אי־פאו־נאס) ז. *polyphonic*

pol'yphony *n.* (פאל׳־אי־פאו־ני) פא־ליפאניע, דאס ווערען אויסגעשפראכען פערשיעדענארטיג [וועגען א בוכשטאב אדער שריפטליכען צייכען]; אין מוזיק — דאס פעראייניגען אין א מוזיקאלישען שטיק פערשיעדענארטיגע זעלבסטשטענדי־גע שטימען אין איין הארמאנישע גאנצע.

polyphylet'ic *a.* (פאל־אי־פאי־לעט׳־איק) וואס ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך פון פערשיעדענארטיגע אבשטאמונגס־ווארצלען; וואס איז שייך צו דער לעה־רע, אז די פערשיעדענע מינים חיות זיי־נען בעזונדער בעשאפען געווארען אדער שטאמען ארויס פון פערשיעדענארטיגע ווארצלען.

polyphyl'line *a.* (פאל־אי־פיל׳־אין) ז. *polyphyllous*

polyphyl'lous *a.* (פאל־אי־פיל׳־אס) אין באטאניק — פיעל־בלעטעריג, וואס האט פיעל בלעטלעך [וועגען געוויסע בלומען].

Pol'ypi *n.* (פאל׳־אי־פאי) דער מין פא־ליפען. ז. *polyp*

polypia'rium *n.* (פאל־אי־פי־איי׳־רי־אם) ז. *polypary*

polypif'erous *a.* (פאל־אי־פיפ׳־ע־ראס) וואס ברייננט ארויס פאליפען.

pol'ypite *n.* (פאל׳־אי־פאיט) א פער־שטיינערטער פאליפ.

polyplas'tic *a.* (פאל־אי־פלעס׳־טיק) וואס האט אדער וואס נעהמט אן פיעל פארמען.

pol'ypod *a. and n.* (פאל׳־אי־פאד) וואס האט א סך פיס; וואס געהערט צו

פיעל=פיסיגע אינזעקטען ; א מין פיעל=
פיסיגע פליעג.

Polypo'dium *n.* (פאל-אי-פאו'-די-
אם) די פארן=פלאנצען אדער פאפאראטני=
קעס [פון זיי עקזיסטירען ביז 400
מינים].

Polypodium

pol'ypody *n.* (פאל'-אי-פאו-די) א מין
פארן=פלאנצע אדער פאפאראטניק וואס
וואקסט מייסטענס אויף פעלזען.

pol'ypoid *a.* (פאל'-אי-פאיד) וואס איז
עהנליך צו א פאליפ. ז. *polyp*

polyp'orous *a.* (פא-ליפ'-א-ראס) וואס
האט פארען אדער לעכעלעך ; דורכגעלע=
כערט ווי א זיפ ; זיפ=פערמיג.

pol'ypous *a.* (פאל'-אי-פאס) פאליפען=
ארטיג, ווי א פאליפ. ז. *polypus*

polypragmat'ic *a. and n.* (פאל-אי-
פרעג-מעט'-איק) צופיעל בעשעפטיגט ;
איינער וואס מישט זיך אין אלץ ; א
צופיעל בעשעפטיגטער מענש ; א פערזאן,
וועלכע מישט זיך אין אלץ.

polypragmat'ical *a.* (פאל-אי-פרעג-
מעט'-אי-קעל) צופיעל בעשעפטיגט ; וואס
מישט זיך איבעראל.

polyprag'mon *n.* (פאל-אי-פרעג'-מאן)
א שטענדיג=פערנומענער מענש ; א פער=
זאן, וועלכע מישט זיך אין אלץ.

pol'ypus *n.* (פאל'-אי-פאס) א פאליפ,
א רויטליכער און שמערצליכער אנוואוקס
אויף דער שליים=הויט פון נאז אדער פון
אנדערע טיילען פון קערפער ; א פאליפ,
א ווייך=טהיער. ז. *polyp*

pol'ysperm *n.* (פאל'-אי-ספוירם) א
בוים, אויף וועלכען עס וואקסען פרוכטען
מיט פיעל זאמען=קערנדלעך.

polysper'mal *a.* (פאל-אי-ספויר'-מעל)
ז. *polyspermous*

polysper'mous *a.* (פאל-אי-ספויר'-
מאס) מיט פיעל זאמען=קערנדלעך.

pol'yspermy *n.* (פאל'-אי-ספויר-מי)
די בעפרוכטונג דורך מעהר ווי איין ספער=
מאטאזאאיד. ז. *spermatozoon*

pol'ystome *n.* (פאל'-אי-סטאום) א בע=
שעפעניש מיט פיעל מיילער.

pol'ystyle *a.* (פאל'-אי-סטאיל) אין אר=
כיטעקטור — וואס האט פיעל זיילען ;
וואס שטיצט זיך אויף פיעל זיילען [ווע=
גען א געביידע].

polysty'lous *a.* (פאל-אי-סטאי'-לאס)
אין באטאניק — וואס האט עטליכע פיס=
טיל=שטענגלעך [וועגען א ווייבליכען גע=
שלעכטס=ארגאן פון א פלאנצע].

polysyllab'ic *a.* (פאל-אי-סי-לעב'-איק)
פיעל=זילביג ; וואס האט פיעל זילבען
[וועגען א ווארט].

polysyllab'ical *a.* (פאל-אי-סי-לעב'-
אי-קעל) ז. *polysyllabic*

polysyllab'icism *n.* (פאל-אי-סי-לעב'-
אי-סיזם) דאס זיין צונויפגעשטעלט פון
פיעל זילבען [וועגען א ווארט].

polysyl'labism *n.* (פאל-אי-סיל'-ע-
ביזם) ז. *polysyllabicism*

polysyl'lable *n.* (פאל-אי-סיל'-עבל) א
פיעל=זילביגעס ווארט [א ווארט וואס בע=
שטעהט פון פיעל זילבען].

polysyl'logism *n.* (פאל-אי-סיל'-א-
דזשיזם) אין לאגיק — א קייט אדער צו=
זאמענהעפטונג פון עטליכע סילאגיזמען
אדער שלוס=פאלגערונגען.

polysyn'deton *n.* (פאל-אי-סינ'-דע-
טאן) אין גראמאטיק — די אפטע ווידער=
האלונג פון א בינד=ווארט [צ. ב. און
ער איז געקומען און האט געזעהן און
האט געזאגט].

polysynthet'ic *a.* (פאל-אי-סינ-טהעט'-
איק) פאליסינטעטיש, צוזאמענגעזעצט פון
פיעל פערשיעדענע עלעמענטען.

polysynthet'ical *a.* (פאל-אי-סינ-
טהעט'-אי-קעל) ז. *polysynthetic*

polytech'nic *a. and n.* (פאל-אי-טעק'-
ניק) פאליטעכניש; וואס איז שייך צו די
למודים פון פערשיעדענע ארטען פון דער
טעכניק ; א פאליטעכניקום [א הויך=שול
וואו מען לערענט פערשיעדענע ארטען פון
דער טעכניק].

polytech'nical *a.* (פאל-אי-טעק'-ני-
קעל) ז. *polytechnic*

polytech'nics *n.* (פאל-אי-טעק'-ניקס)
די טעכנישע וויסענשאפטען.

polytech'nic school (פאל-אי-טעק'-ניק
סקוהל) די פאליטעכנישע שול, דאס פא=
ליטעכניקום.

pol'ytheism *n.* (פאל'-אי-טהי-איזם)
פאליטעאיזם, פיעל=געטעריי [דאס גלוי=
בען אין פיעלע געטער].

pol'ytheist *n.* (פאל'-אי-טהי-איסט) א
פאליטעאיסט, איינער וואס גלויבט אין
דער עקזיסטענץ פון פיעל געטער.

polytheis'tic *a.* (פאל-אי-טהי-איס'-
טיק) פאליטעאיסטיש, וואס געהערט צו
פיעל=געטעריי. ז. *polytheism*

polytheis'tical *a.* (פאל-אי-טהי-איס'-
טי-קעל) ז. *polytheistic*

polytheis'tically *adv.* (פאל-אי-טהי-
איס'-טי-קעל-אי) אויף א פאליטעאיסטי=
שען אופן ; דורך גלויבען אין פיעל געטער.

pol'ytheize *v.* (פאל'-אי-טהי-איז) זיין
פאליטעאיסטיש, גלויבען אין דער עקזיס=
טענץ פון פיעל געטער.

polyt'ocous *a.* (פא-ליט'-א-קאס) וואס
געבעהרט עטליכע קינדער מיט איין מאל
[וועגען חיות]; וואס פראדוצירט יעהר=
ליכע פרוכטען [וועגען פלאנצען].

polyt'omy *n.* (פא-ליט'-א-מי) א פא=
נאנדערטיילונג אין פיעל טיילען.

pol'ytypage *n.* (פאל'-אי-טאי-פעדזש) א
פאליטיפאזש, א גראווייור אין האלץ אדער
אין אן אנדער זאך, וואס ווערט ארונ=
טערגענומען אויף א מעטאלענער פלאטע
צום דרוקען.

pol'ytype *n., a. and v.* (פאל'-אי-טאיפ)
א מעטאלענע מאטריצע וואס ווערט אראב=
גענומען פון א הילצערנער אדער אנדע=
רער גראווייור ; פאליטיפיש ; געמאכט
אויף דעם אופן ווי א פאליטיפאזש ; מא=
כען א פאליטיפאזש. ז. *polytypage*

polytyp'ical *a.* (פאל-אי-טיפ'-אי-קעל)
וואס שטעלט מיט זיך פאר פערשיעדענע
טיפען ; וואס האט פיעל פערשיעדענע פאר=
מען.

polyure'sis *n.* (פאל-אי-יו-רי'-סיס)
ז. *polyuria*

polyu'ria *n.* (פאל-אי-יו'-רי-א) דאס
ארויסלאזען צופיעל אורין אדער השתנה.

polyu'ric *a. and n.* (פאל-אי-יו'-ריק)
וואס לאזט ארויס צופיעל אורין אדער
השתנה ; איינער וואס ליידט פון ארויס=
לאזען צופיעל אורין.

polyvol'tine *n.* (פאל-אי-וואל'-טין) א
זייד=ווארים וועלכער מאכט אין א יאהר
מעהר ווי די נארמאלע צאהל קאקאנעס
אדער שפין=געוועב. ז. *cocoon*

Polyzo'a *n.* (פאל-אי-זאו'-א) די פא=
ליזאען [א קלאס פון ווייכע ים=חיה'לעך,
וועלכע בילדען אוים קאלאניען אין דער
פארם פון פערשיעדענארטיגע צווייגיגע
ים=מאך און ים=פלאנצען].

polyzo'al *a.* (פאל-אי-זאו'-על) וואס איז
שייך צו די פאליזאען. ז. *Polyzoa*

polyzo'an *a. and n.* (פאל-אי-זאו'-ען)
וואס איז שייך צו די פאליזאען ; א חיה'לע
פון די פאליזאען. ז. *Polyzoa*

polyzo'nal *a.* (פאל-אי-זאו'-נעל) וואס
בעשטעהט פון פיעל רינגען אדער ריי=
פען [וועגען געוויסע ברען=גלעזער].

polyzo'on *n.* (פאל-אי-זאו'-אן) א
חיה'לע פון די פאליזאען. ז. *Polyzoa*

pom'ace *n.* (פאמ'-איים) אויסגעקוועטש=
טע עפעל [אדער אנדערע עהנליכע ווייכע
(פליישיגע) קערנדיגע פרוכט, ווי בארנעס,
למשל]; פיש, פון וועלכע מען האט אויס=
געקוועטשט דאס פעט [ווערען געטריקענט
און געברויכט אלס בעמיסטיגונג]; אויס=
געקוועטשטע ריצען=אויל קערנער.

poma'ceous *a.* (פא-מיי'-שאס) עהנ=
ליך צו עפעל ; וואס בעשטעהט פון עפעל.

pomade' *n. and v.* (פא-מייד') פאמא=
דע, האר=זאלב ; שמירען מיט פאמאדע.

pomalol'ogy *n.* (פאו-מע-לאל'-א-דזשי)
פאמאלאגיע [די לעהרע וועגען אויבסט
אדער פרוכט=בוימער]. ז. *pomology*

poman'der *n.* (פא-מענ'-דער) א פאר=
פיום=קוגעל, וואס מען פלעגט אמאל טרא=
גען אלס א קמיע ; א קעסטעל פאר דיעזען
פארפיום=קוגעל.

poman'der-ball *n.* (פא-מענ'-דער-
באהל) ז. *pomander*

poma'tum *n. and v.* (פא-מיי'-טאם)
ז. *pomade*

pome *n.* (פאום) אויבסט, א
אן עפעל ; א
ווייכע [פליישיגע] פרוכט, וואס האט
קערנדלעך [ווי עפעל, בארנעס א. ז. וו.];
אזא קליינער זילבערנער קוגעל אנגעפילט
מיט הייסען וואסער וואס גלחים פלעגען
אמאל געברויכען אין די קלויסטערס צו
ווארימען די הענד אין קאלטען וועטער.

pome'citron *n.* (פאמ'-סיט-ראן) א
ציטראן ; א ציטראן=עפעל [אזא עפעל].

pome'granate *n.* (פאמ'-גרענ-אייט) א
גראנאט=עפעל, א מילגרוים ; א גראנאט=
עפעל=בוים.

pome'granate-tree *n.* (פאמ'-גרענ-
אייט-טריע) א גראנאט=עפעל בוים, א מיל=
גרוימען=בוים.

pom'elo *n.* (פאמ'-ע-לאו) א מין פאמ=
פעלמוזע אדער שעדאק [אזא גרויסער
אפעלסין].

pomerid'ian *a.* (פאו-מע-ריד'-אי-ען)
נאכמיטאגדיג ; וואס פליהט אום בייטאג
[וועגען אינזעקטען]; וואס בליהט ביי=
טאג [וועגען פלאנצען].

pome'roy *n.* (פאמ'-ראי) דער קעניגס=
עפעל [אזא עפעל]. ז. *king-apple*

pom'fret *n.* (פאמ'-פרעט) אזא פלאטשי=
גער פיש [הויפטזעכליך פון די אסט=אינדי=

שע וואסערן] מיט לאנגע פלוס=פעדערן, וואס ווערט זעהר הויך געשעצט אלס שפייז.

Pomfret

pomif'erous *a.* (פא-מיפ'-ע-ראס) וואס ברייננט ארוים אויבסט [אין געגענזאץ צו יאגדעס=פלאנצען].

po'miform *a.* (פאו'-מי-פארם) עפעל=פערמיג.

pom'mel *n. and v.* (פאמ'-על) 1. א קנאפ; דער קנאפ=עהנליכער טייל פון דעם הענטעל פון א שווערד און אנדערע עהנליכע וואפען; דער קנאפ=עהנליכער ענד פון א זאטעל; 2. שלאגען, צושלאגען, אנברעכען די ביינער.
2. Why do you **pommel** the poor fellow?

pom'meler *n.* (פאמ'-על-ער) א שלעגער.

pom'mel to a jel'ly (פאמ'-על טו ע דזשעל'-אי) צושלאגען ווי אן עפעל, גוט אנברעכען די ביינער.

pomolog'ical *a.* (פאו-מא-לאדזש'-אי-קעל) פאמאלאגיש [וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען אויבסט, וואס איז שייך צו דער פלאנצונג פון פרוכט=בוימער].

pomol'ogist *n.* (פא-מאל'-א-דזשיסט) א פאמאלאג, אן אויבסט=קענער; א פלאנצער פון פרוכט=בוימער.

pomol'ogy *n.* (פא-מאל'-א-דזשי) פאמאלאגיע, די לעהרע וועגען אויבסט אדער פרוכט=בוימער; אן אבהאנדלונג וועגען אויבסט.

pomp *n.* (פאמפ) פאמפ, פראכט, גלאנץ, פאראד.

pom'padour *n.* (פאמ'-פע-דוהר) א פאמפאדור [אזא האר=פריזור וואס פרויען האבען געטראגען אין 18טען יאהרהונדערט; דאס קאמען די האר גלייך ארויף צו].

pom'padour pat'tern (פאמ'-פע-דוהר פעט'-ערן) א פאמפאדור=מוסטער [אזא מוסטער אויף זייד, וועלכער בעשטעהט פון בלעטלעך און בלומען פון ראזעווען און בלויען קאליר].

pom'pal *a.* (פאמ'-פעל) שטאלץ; פרעכטיג, מיט פאמפ, מיט גלאנץ, פאראדנע.

Pompe'ian *a. and n.* (פאמ-פיע'-ען) פאמפעאיש, פאמפעיאניש, וואס איז שייך צו דער פארצייטיגער רוימישער שטאדט פאמפיי, וועלכע איז פערשאטען געווארען אין יאהר 79 פון דעם וואולקאן וועזוואוויום; וואס איז שייך צו הויז=דעקאראציאנען, וועלכע זיינען געווען אין דער מאדע אין רוים אין אנפאנג פון דער קריסטליכער צייט=רעכנונג [וואס זיינען בעקאנט געווארען פון די אויסגראבונגען אין פאמפיי]; א פאמפעיאנער, אן איינוואהנער פון פאמפיי.

pom'pelmoose *n.* (פאמ'-פעל-מוהס) ז. *pompelmous*

pom'pelmous *a.* (פאמ'-פעל-מאס) א שעדאק, א פאמפעלמוזע [אזא גרויסער פאמעראנץ].

pom'pholyx *n.* (פאמ'-פא-ליקס) צינק=אקסיד [צינק=בלומען]; אזא אויסשלאג אויף די האנד=פלעכען [דלאניעס] און אויף די פיס=זוילען.

pompo'leon *n.* (פאמ-פאו'-לי-אן) ז. *pompelmous*

pom'pon *n.* (פאמ'-פאן) א טשוב פון פעדערן אדער לענטעס אויף א פרויען=הוט; א קאלירטער וואל=קנויל אויף א סאלדאטסקען היטעל.

pompos'ity *n.* (פאמ-פאס'-אי-טי) פאראדנעקייט, פראכט, גלאנץ, אנגעבלאזענקייט.

pompo'so *a.* (פאמ-פאו'-סאו) אין מוזיק — ערנסט, ערהאבען.

pom'pous *a.* (פאמ'-פאס) פרעכטיג, פאראדנע, אויפגעבלאזען.

pom'pously *adv.* (פאמ'-פאס-לי) פרעכטיג, פאראדנע.

pom'pousness *n.* (פאמ'-פאס-נעס) פאראדנעקייט, פרעכטיגקייט.

po'mum *n.* (פאו'-מאם) אן עפעל; דער גארגעל=קנאפ [די פאדערשטע ארויסשטארצונג פון גארגעל, הויפטזעכליך ביי מענער].

pon'cho *n.* (פאנ'-טשאו) א פאנטשא [אזא אינדיאנישער באוועלנער מאנטעל]; קאמעלאט, אזא גראבער וואלענער שטאף.

pond *n. and v.* (פאנד) א טייכעל; א סאזשעלקע; מאכען א סאזשעלקע [אבצאמענדיג דאס וואסער].

pon'dage *n.* (פאנ'-דיידזש) די מאס וואסער, וואס ווערט פערהאלטען פון א דאמבע.

pon'der *v.* (פאנ'-דער) איבערלעגען, נאכדענקען, טראכטען.
Ponder carefully before you make a final decision.

ponderabil'ity *n.* (פאנ-דער-ע-ביל'-אי-טי) וועגבארקייט, דאס האבען געוויכט; עטוואס וואס האט געוויכט.

pon'derable *a.* (פאנ'-דער-עבל) וועגבאר, וואס מען קען וועגען, וואס האט געוויכט.

pon'derableness *n.* (פאנ'-דער-עבל-נעס) ז. *ponderability*

pon'deral *a.* (פאנ'-דער-על) געוועגען, לויט'ן געוויכט, לויט דער וואג.

pon'derance *n.* (פאנ'-דער-ענס) געוויכט, וואג, שווערקייט.

pon'derate *v.* (פאנ'-דער-אייט) וועגען, האבען וואג.

pondera'tion *n.* (פאנ-דע-ריי'-שאן) געוויכט, וואג.

pon'derer *n.* (פאנ'-דער-ער) איינער וואס איבערלעגט, דענקט נאך אדער טראכט.

pon'deringly *adv.* (פאנ'-דער-אינג-לי) מיט נאכדענקונג, נאכדענקענד, איבערלעגענד, טראכטענד.

ponderos'ity *n.* (פאנ-דע-ראס'-אי-טי) 1. וואג, שווערקייט; 2. געוויכט, וויכטיגקייט; 3. עטוואס וואס האט וואג, איז פון בעדייטענדען געוויכט אדער וויכטיגקייט; 4. טעמפקייט, שווערקייט, אונגעלומפערטקייט.
1. Iron is remarkable for its **ponderosity**.
4. He preached with his usual **ponderosity**.

pon'derous *a.* (פאנ'-דער-אס) 1. געוויכטיג, שווער; וויכטיג; 2. טעמפ, שווער, אונגעלומפערט.
2. His style is exceptionally **ponderous**.

pon'derously *adv.* (פאנ'-דער-אס-לי) שווער, געוויכטיג; מיט וויכטיגקייט; אויף א טעמפען, שווערען, אונגעלומפערטען שטייגער.

pon'derousness *n.* (פאנ'-דער-אס-נעס) ז. *ponderosity*

pond'-fish *n.* (פאנד'-פיש) סאזשעלקע=פיש [ווי למשל, אן אקון אדער קארפ].

pond'-lil'y *n.* (פאנד'-ליל'-אי) די וואסער=רויז אדער די געלבע וואסער=ליליע [אזא וואסער=פלאנצע מיט קיילעכדיגע געלבע בלימהען]. ז. *water-lily*

pond'-pick'erel *n.* (פאנד'-פיק'-ע-רעל) א מין העכט. ז. איל. *"Fishes"*

pond'weed *n.* (פאנד'-הוויעד) לאיכע=קרויט [א מין וואסער=גראז].

pone *n.* (פאון) א מין מאמאליגע, א מין געבעקס פון קוקורוזע [אינדישער קארן, מאאיס אדער טערקישע ווייץ].

pongee' *n.* (פאנ-דזשיע') פאנדזשי [אזא ווייכע ניט=געבלייכטע וואש=זייד וואס ווערט געמאכט אין כינא].

pon'go *n.* (פאנ'-גאו) דער פאנגא [א מין אראנג=אוטאנג אין בארנעא].

pon'iard *n. and v.* (פאנ'-יארד) א דעגען, א קינזשאל; דערשטעכען [ווי מיט א קינזשאל].

pons *n.* (פאנז) אין אנאטאמיע — א צוזאמענבינדענדער טייל; דער הינטערשטער טייל פון קאפ=מארך וואס פעראייניגט ביידע טיילען פון די געהירען.

Pon'tacq *n.* (פאנ'-טעק) פאנטאק [א מין ווייסער פראנצויזישער ווייז].

pon'tage *n.* (פאנ'-טעדזש) בריק=שטייער, געצאהלט פאר פאהרען אויף א בריק, א שטייער פאר אויפהאלטען בריקען.

pontee' *n.* (פאנ-טיע') ז. *pontil*

pon'tes *n.* (פאנ'-טיעז) אין אנאטאמיע—צוזאמענבינדענדע טיילען. ז. *pons*

pon'tic *a.* (פאנ'-טיק) וואס איז שייך צום הינטערשטען טייל פון קאפ=מארך, וואס פעראייניגט ביידע טיילען פון די געהירען.

pon'tifex *n.* (פאנ'-טי-פעקס) אין פארצייטיגען רוים — א פאנטיפעקס, אן אויבער=פריסטער; א בישאף; א פאפסט.

pon'tiff *n.* (פאנ'-טיף) א פאנטיפעקס [אן אויבער=פריסטער אין פארצייטיגען רוים]; אן אויבער=פריסטער, א כהן גדול; א בישאף; א פאפסט.

pontif'ic *a.* (פאנ-טיפ'-איק) אויבער=פריסטערליך, פאפסטליך; וואס איז שייך צו א פאנטיפעקס [אן אויבער=פריסטער אין פארצייטיגען רוים].

pontif'ical *a. and n.* (פאנ-טיפ'-אי-קעל) אויבער=פריסטערליך; פאפסטליך; בישאפליך; דער קירכען=צערעמאניען=בוך פאר א בישאף.

pontifica'lia *n.* (פאנ-טיפ-אי-קיי'-לי-א) ז. *pontificals*

pontif'ically *adv.* (פאנ-טיפ'-אי-קעל-אי) אויבער=פריסטערליך; פאפסטליך; ווי א בישאף; פראווען א גאטעסדיענסט אין פאראדנע בישאף=קליידער.

pontif'ical mass (פאנ-טיפ'-אי-קעל מעס) א מעסע, א גאטעסדיענסט געפראוועט פון א בישאף אין זיינע פאראדנע קליידער.

pontif'icals *n.* (פאנ-טיפ'-אי-קעלז) פריסטער=קליידער; די קליידער פון אן אויבער=פריסטער, כהן גדול, בישאף אדער פאפסט.

pontif'icate *n. and v.* (פאנ-טיפ'-אי-קייט) פריסטערטום, כהונה; בישאפס=אמט; פאפסטענטום; די צייט וואס איינער האלט אן אמט פון אן אויבער=פריסטער, בישאף אדער פאפסט; ערפילען די פליכטען פון א בישאף.

pon'tifice *n.* (פאנ'-טי-פיס) בריק=ארבייט; א בריק.

pontif'ices *n.* (פאנ-טיפ'-אי-סיעז) פאנטיפעקסען, אויבער=פריסטער. ז. *pontifex*

pon'til *n.* (פאנ'-טיל) אן אייזערנער

שטאנג וואס ווערט בענוצט אין גלאזפאבריקאציאן אומצוגעהן מיט צושמאלצענעם גלאז אדער צו דרעהען צושמאלצענעם גלאז, אום דעם צוצוגעבען א בעשטימטע פארם.

pontlev'is *n.* (פאנט-לעוו'-אים) א ציה=בריק; דאס אפטע שטעלען זיך פון א פערד דיבאם [אויף די הינטערשטע פים].

pontonier' *n.* (פאן-טא-ניער') א פאנטאניער [א סאלדאט וואס איז אנגעשטעלט ביי פאנטאנען]; איינער וואס מאכט פאנטאנען אדער שיפס=בריקען. ז. *pontoon*

pontoon' *n.* (פאן-טוהן') א פאנטאן [א פלאך שיפעל וואס האלט אונטער א בריק]; אזא בארזשע וואס ווערט געברויכט צום איינבויגען א שיף ביים רעפארירען; אזא פארריכטונג אויפצוהויבען א געזונקענע שיף; אזא פארריכטונג צו פערשטעלען דעם אריינגאנג צו א האפען אדער שליוזע; דער שלייף=עהנליכער טייל פון דער קליינער קישקע.

pontoon'-bridge *n.* (פאן-טוהנ'-ברידזש) א פאנטאן=בריק, א שיף=בריק [א בריק וואס ליעגט אויף שיפלעך].



Pontoon-bridge

pontoon'-train *n.* (פאן-טוהנ'-טריין) די בריק=שיפלעך און אנדערע בוי=ווערק, וואס אן ארמעע פיהרט מיט זיך צו מאכען פאנטאן=בריקען. ז. *pontoon-bridge*

pon'ty *n.* (פאנ'-טי) ז. *pontil*

pon'ty-stick'er *n.* (פאנ'-טי-סטיק'-ער) אין גלאז=פאבריקאציאן — אן ארבייטער וואס לעגט ארויף צושמאלצענעם גלאז אויף אזא שטעקען, מיט וועלכען מען גיט צו דעם גלאז א בעשטימטע פארם.

po'ny *n. and v.* (פאו'-ני) א פאני [א קליין פערדעל]; א סומע פון 25 פונט אויף וועלכער עס ווערט געוועט ביי וועטלויפען פון פערד [אין ענגלאנד]; א געפארטיגע איבערזעצונג וואס ווערט געברויכט בגנבה פון שילער ביים איבערזעצען פון גריכיש און לאטיין; א בוך אדער שריפט וואס ווערט געברויכט בגנבה פון שילער ביים מאכען די אויפגאבען; א קליינע טרינק=גלאז; זיך בענוצען בגנבה מיט פארטיגע איבערזעצונגען, ביכער און שריפטען ביים מאכען אויפגאבען.

po'ny up (פאו'-ני אפ) אבצאהלען, צאהלען די מזומנים.

He had to **pony up** five dollars as a fine.

P. O. O. אן אבקירצונג פון די ווערטער *post-office order* [א פאסט=געלד=אנווייזונג].

pood *n.* (פוהד) א פוד [א רוסישע וואג=מאס פון 40 רוסישע פונט אדער 36 ענגלישע פונט].

poo'dle *n.* (פוהדל) א פודעל [אזא קליין הינטעל מיט געגרייזעלטע לאנגע האר].

pooh *int.* (פוה) טפוי! פוי! פע!

pooh'-pooh *int. and v.* (פוה'-פוה) אוועקווארפען מיט פעראכטונג אדער עקעל; אויסדריקען פעראכטונג, עקעל אדער שפאט; טפוי! פוי! פע!

pool *n. and v.* (פוהל) א טייכעל, א לוזשע; אן איינשטעל, א סטאווקע [וואס מען שטעלט איין אין קאן]; פול [אזא ביליארד=שפיעל]; שותפות ביים וועטען [ווען פיעלע פערזאנען וועטען אויף איינם און דאסזעלבע און קריעגען פון'ם געווינס חלקים פראפארציאנעל צו די איינגעלעגטע סומען]; א פעראייניגונג מיט'ן צוועק צו קאנטראלירען מארק=פרייזען; מאכען שותפות, צוזאמענגיסען די אינטערעסען, זיך פעראייניגען.

pool'-ball *n.* (פוהל'-באהל) א פול=באל, א ביליארד=באל [אין פול=שפיעל].

pool is'sues (פוהל איש'-אוהז) זיך פעראייניגען צוליעב פערזענליכע נוצען אדער אום צו ציהען דערפון פראפיטען.

pool'-room *n.* (פוהל'-רוהם) א פול=זאל, א ביליארד=זאל, א פלאץ, וואו מען שפיעלט פול [אזא ביליארד=שפיעל]; א פלאץ, וואו מען נעהמט אן איינצאהלונגען אויף א שותפות'דיגען וועט. ז. *pool*

pool'-sell'er *n.* (פוהל'-סעל'-ער) איינער וואס נעהמט אן איינצאהלונגען אויף א שותפות'דיגען וועט. ז. *pool*

pool'-snipe *n.* (פוהל'-סנאיפ) דער רויט=פוס [אזא פויגעל]. ז. *redshank*

pool'-tick'et *n.* (פוהל'-טיק'-עט) א קוויטאנציע אויף אן איינצאהלונג צו א שותפות'דיגען וועט. ז. *pool*

poon *n.* (פוהן) ז. *poon-wood*

poo'na-wood *n.* (פוה'-נא-הוואוד) ז. *poon-wood*

poo'nay-oil *n.* (פוה'-ניי-איל) ז. *poon-oil*

poon'-oil *n.* (פוהנ'-איל) סינגאפור=אויל [אזא געדיכט אויל פון דונקעל=גרינעם קאליר מיט א שטארקען ריח און א ביטערען געשמאק, וואס בעקומט זיך פון די קערנער פון דעם סינגאפור=בוים אין אסט=אינדיען].

poon'-wood *n.* (פוהנ'-הוואוד) דאס סינגאפור=האלץ, אזא האלץ פון געוויסע אסט=אינדישע בוימער וואס ווערען געברויכט פאר שיפס=בוי.

poop *n. and v.* (פוהפ) דער הינטערטייל פון א שיף; א דעק אויף דעם הינטער=טייל פון א שיף וואס ליעגט איבער דעם געוועהנליכען דעק; אנגרייפען דעם הינטער=טייל פון א שיף.

poor *a.* (פוהר) 1. ארים; 2. פעהלערהאפט, שלעכט; 3. מאגער; אונפרוכטבאר; קרענקליך, שוואך; 4. ווערטהלאז; 5. אונגליקליך, עלענד; נידריג, געמיין.

2. He is in **poor** health. 4. He wrote a very **poor** essay. 5. The murderer was a **poor** creature.

poor as Job (פוהר עז דזשאוב) ארים ווי איוב, בלוט=ארים.

poor'-box *n.* (פוהר'-באקס) א צדקה=פושקע.

poor debt'or's oath (פוהר דעט'-ארז אוטה) א שבועה, אז מען איז ארים [פון איינעם וואס איז ארעסטירט פאר חובות].

poor'-farm *n.* (פוהר'-פארם) א פערמע, וואו מען האלט אוים ארימע לייט.

poor'house *n.* (פוהר'-האוס) אן ארים=הויז, א הקדש, אן אנשטאלט פאר ארימע לייט.

poor in spir'it (פוהר אין ספיר'-איט) עניוות'דיג, בעשיידען, ניט שטאלץ.

poor law (פוהר לאה) דאס פאופער=געזעץ וועגען קהל'שער צדקה [אין ענגלאנד].

poor'-lights *n.* (פוהר'-לאיטס) ליכט פאר די לויות פון ארימע לייט.

poor'liness *n.* (פוהר'-לי-נעס) שוואכקייט [אין געזונד].

poor'ly *a. and adv.* (פוהר'-לי) 1. ניט אין גאנצען געזונד; 2. אין ארימקייט; 3. שלעכט, פעהלערהאפט, אהן ערפאלג; 4. געמיין, נידריג.

2. We live **poorly**. 3. Means **poorly** adapted to the purpose.

poor'master *n.* (פוהר'-מעס-טער) א בעצירק=בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער קהל'שער צדקה.

poor'ness *n.* (פוהר'-נעס) ארימקייט; געזונד=שוואכקייט; אונפרוכטבארקייט; שלעכטקייט; נידריגקייט, געמיינהייט.

poor'-rate *n.* (פוהר'-רייט) א טאקסע אויף אויסצוהאלטען ארימע לייט.

poor's box (פוהרז באקס) ז. *poor-box*

poor'-spir'ited *a.* (פוהר'-ספיר'-אי-טעד) מוטלאז, שוואך=הערציג, שרעקעדיג.

poor'-spir'itedness *n.* (פוהר'-ספיר'-אי-טעד-נעס) מוטלאזיגקייט, שוואך=הערציגקייט, שרעקעדיגקייט.

poor'-will *n.* (פוהר'-הוויל) אזא פויגעל וועמענס געשריי איז עהנליך צו די קלאנגען "פור=וויל".

pop *v., n. and adv.* (פאפ) א קנאל טהאן; פלוצלונג ערשיינען אדער פערשווינדען; מאכען א הייראטס=פארשלאג; ארויסברייגען מיט א קנאל; שנעל און אונערווארטעט א ווארף טהאן, פארשלאגען אדער ארויסקומען מיט עפעס; אבווארפען אדער אבענדיגען עפעס שנעל און אונערווארטעט; פער'משכונ'ען; א קנאל [ווי פון אן אויפגעקארקטער פלאש]; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק; א פיסטאלעט; פלוצלונג, אונערווארטעט [ערשיינענד אדער פערשווינדענד].

pop'-corn *n.* (פאפ'-קאהרן) א זארט קוקורוזע, ביי וועלכער די קערנער ווערען פון היץ אויפגעבלאזען און פלאצען; דיעזע קוקורוזע אויפגעבלאזען פון היץ.

pop corn (פאפ קאהרן) טריקענען א געוויסען מין קוקורוזע אזוי, אז זי זאל ווערען אויפגעבלאזען.

pope *n.* (פאופ) דער פאפסט; א פאפ, א גלח [אין גריכענלאנד אדער רוסלאנד].

pope'dom *n.* (פאופ'-דאם) פאפסטום, פאפסט=אמט; פאפסטליכע מאכט אדער ווירדע.

pope'hood *n.* (פאופ'-הוד) פאפסטליכקייט; דאס זיין א פאפסט; פאפסטליכע ווירדע.

pope'-Joan' *n.* (פאופ'-דזשאון') א מין קארטען=שפיעל.

pope'kin *n.* (פאופ'-קין) א פאפסטעל, א גלח'על.

pope'ling *n.* (פאופ'-לינג) א פאפסטעל, אן אונבעדייטענדער פאפסט; איינער וואס אהמט נאך א פאפסט.

po'pery *n.* (פאו'-פע-רי) פאפסטליכקייט, פאפסטום, קאטוליציזם.

pope's'-eye *n.* (פאופס'-אי) א דריזע פון אן אקסען=פוס אדער שעפסען=פוס בעוואקסען מיט שמאלץ.

pope's'-head *n.* (פאופס'-העד) אזא לאנגע רונדע בארשט צו רייניגען באלקענס, קארניזען א. ז. וו.

pope'ship *n.* (פאופ'-שיפ) ז. *popehood*

pope's'-nose *n.* (פאופס'-נאוז) דער הינטערטייל, דאס תחת'על פון אן עוף.

pop'-eyed *a.* (פאפ'-איד) וואס האט ארויסשטארצענדע, גרויסע אויגען.

pop'-eyes *n.* (פאפ'-איז) גרויסע, ארויסגעשטארצטע אויגען.

pop forth (פאפ פאורטה) פלוצלונג ערשיינען, ארויסשיסען.

pop'-gun *n.* (פאפ'-גאן) א קנאל=ביקס.

pop'injay *n.* (פאפ'-אינ-דזשיי) א פא=פוגאי; דער האלץ=פיקער [אזא פויגעל]; די פיגור פון א פאפוגאי אדער אנדער פויגעל [אלס א ציעל ביים לערנען זיך שיסען]; א פראנט.

po'pish *a.* (פאו'-פיש) פאפיסטיש, קא=טויליש.

po'pishly *adv.* (פאו'-פיש-לי) פאפיס=טיש, קאטויליש.

pop'joying *n.* (פאפ'-דזשאי-אינג) דאס פוסט=און=פאסעוועו, א לוסטיגער צייט=פערטרייב.

pop'lar *n.* (פאפ'-לער) דער פאפעל=בוים אדער טאפאל [א בוים, וועלכער וואקסט שנעל און האט א לייכטען ווייכען האלץ, וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען, בעזאנדערס פאר פאפיער]; פא=פעל=האלץ.

Poplar

pop'les *n.* (פאפ'-ליז) די קניע=קעהלע, די אונטער=קניע, די הינטערשטע זייט פון דער קניע.

pop'lin *n.* (פאפ'-לין) פאפעלין [א מין וואלען=צייג געמישט מיט זייד].

poplite'al *a.* (פאפ-לי-טי'-על) וואס איז שייך צו דער קניע=קעהלע אדער אונ=טער=קניע [די הינטערשטע זייט פון דער קניע].

pop'lites *n.* (פאפ'-לי-טיז) די קניע=קעהלען, די הינטערשטע זייטען פון דער קניע. ז. *poples*

poplit'ic *a.* (פאפ-ליט'-איק) ז. *popliteal*

pop off (פאפ אף) פלוצלונג פערשווינ=דען; שטארבען.

pop'per *n.* (פאפ'-ער) אזא געפעס צו באקען א געוויסען זארט קוקורוזע [ז. *pop-corn*]; עטוואס וואס קנאלט [ווי פייער=ווערק, א פיסטאלעט א. ד. ג.].

pop'pet *n.* (פאפ'-עט) א דראט=ליאלקע, א טאנץ=פאפקע, א מאריאנעטקע; א קלע=צעל צום אונטערשפארען א שיף ביים אראבלאזען זי אין וואסער; א קאפ פון א דרעה=באנק אדער דרעקסעל=באנק.

pop'pied *a.* (פאפ'-איד) בעוואקסען מיט מאהן; וואס קומט דורך דעם געברויך פון מאהן=זאפט אדער פון אפיום; זארג=לאז, גלייכגילטיג.

pop'ple *v. and n.* (פאפל) זיך קאטשען, זיך בעוועגען ארויף און ארונטער אויף'ן וואסער; דאס קרייזלען זיך אין קליינע וועלען אדער כוואליעס; א פאפעל=בוים.

pop'py *n.* (פאפ'-אי) מאהן; א רוזעטען=ארטיגע פערציערונג אויסגעשניצט פון האלץ. ז. *opium poppy*

pop'pycock *n.* (פאפ'-אי-קאק) פוסטע דבורים, דברים בטלים.

pop'py-head *n.* (פאפ'-אי-העד) א מאהן=קאפ; א רוזעטען=ארטיגע פערציערונג אויסגעשניצט פון האלץ.

pop'py-oil *n.* (פאפ'-אי-איל) מאהן=אויל.

pop'py-seed *n.* (פאפ'-אי-סיעד) מאהן=קערנדלעך.

pop'-shop *n.* (פאפ'-שאפ) א לאמבארד, א פפאנד=הויז [וואו מען לייהט געלד אויף משכנות].

pop the ques'tion (פאפ טהי קהוועס'-טשאן) מאכען א הייראטס=פארשלאג.

pop'ulace *n.* (פאפ'-יו-ליים) דאס גע=מיינע פאלק, דער פראסטער המון.

pop'ular *a.* (פאפ'-יו-לער) פאפולער; לייכט=פערשטענדליך; פאלקסמעסיג; פון פאלק; וואס איז שייך צום פאלק; אל=בעקאנט; בעליעבט ביים פאלק; איינגע=בילדעט, איינגעגלויבט אין זיך.

popularisa'tion *n.* (פאפ-יו-לער-אי-זיי'-שאן) ז. *popularization*

pop'ularise *v.* (פאפ'-יו-לער-איז) ז. *popularize*

pop'ularist *n.* (פאפ'-יו-לער-איסט) ז. *popularizer*

popular'ity *n.* (פאפ-יו-לער'-אי-טי) פאפולאריטעט; פאלקסמעסיגקייט, פאלקס=טימליכקייט; אלגעמיינע בעליעבטהייט, אלגעמיינע בעוואוסטהייט.

populariza'tion *n.* (פאפ-יו-לער-אי-זיי'-שאן) פאפולאריזירונג, דאס מאכען לייכט און פערשטענדליך; פערשפרייטונג צווישען פאלק.

pop'ularize *v.* (פאפ'-יו-לער-איז) פא=פולאריזירען, מאכען פאפולער, מאכען צו=גענגליך פאר'ן פאלק, מאכען לייכט און פערשטענדליך; פערשפרייטען צווישען פאלק.

pop'ularizer *n.* (פאפ'-יו-לער-אי-זער) א פאפולאריזירער, איינער וואס מאכט פאפולער אדער לייכט פערשטענדליך.

pop'ularly *adv.* (פאפ'-יו-לער-לי) אויף א פאפולערען אופן; אזוי דאס עס זאל זיין צוגעפאסט צום פאלק; צווישען פאלק, אלגעמיין.

pop'ularness *n.* (פאפ'-יו-לער-נעס) ז. *popularity*

pop'ulate *v. and a.* (פאפ'-יו-לייט) בע=פעלקערען, בעזעצען; זיך פערמעהרען; בעפעלקערט, בעזעצט.

popula'tion *n.* (פאפ-יו-ליי'-שאן) די בעפעלקערונג; דאס בעפעלקערען.

Pop'ulism *n.* (פאפ'-יו-ליזם) די פא=ליטישע פרינציפען און טאקטיק פון די פאפוליסטען. ז. *Populist*

Pop'ulist *n. and a.* (פאפ'-יו-ליסט) א פאפוליסט, אן אנהענגער פון דער פא=פוליסטישער פארטיי [א פאליטישע פאלקס=פארטיי, וועלכע האט זיך געגרינ=דעט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין יאהר 1891. איהרע הויפט=פרינציפען זיינען געוועזן די קאנטראלע און אייגענטום פון דער רעגיערונג איבער די אייזענבאהנען און טעלעגראפען א. ד. ג., די בעשרענקונג פון אייגענטומס=רעכט אויף לאנד, דירעקטע שטייער פון הכנסות א. ז. וו.]; וואס איז שייך צו דער פא=פוליסטישער פארטיי.

pop'ulous *a.* (פאפ'-יו-לאס) שטארק בעפעלקערט.

pop'ulously *adv.* (פאפ'-יו-לאס-לי) מיט א גרויסער בעפעלקערונג; שטארק בעפעלקערט.

pop'ulousness *n.* (פאפ'-יו-לאס-נעס) דאס פערמאגען א געדיכטע בעפעלקערונג; דאס זיין שטארק בעפעלקערט.

po'ral *a.* (פאו'-רעל) וואס איז שייך צו די פארען [קליינע לעכעלעך] פון קער=פער.

por'beagle *n.* (פאהר'-ביעגל) דער הערינג=האיפיש [אזא פיש].

por'cate *a.* (פאהר'-קייט) מיט אויסגע=גראבענע שטרייפען, מיט שרונטען, מיט רינוועס.

por'cated *a.* (פאהר'-קיי-טעד) ז. *porcate*

porce'lain *n. and a.* (פאהרס'-ליין) פארצעליי, פארפאר; פון פארצעליי, פאר=צעלייען.

porce'lain-cement' *n.* (פאהרס'-ליין-סי-מענט') פארצעליי=צעמענט.

porce'lain-clay *n.* (פאהרס'-ליין-קליי) קאאלין, פארצעליי=ערד.

porce'lain-col'or *n.* (פאהרס'-ליין-קאל'-אר) א פארב=שטאף מיט וועלכען מען פארבט פארצעליי.

porce'lain-gil'ding *n.* (פאהרס'-ליין-גיל'-דינג) א גאלד=פארב וואס ווערט בע=נוצט פאר פארצעליי=בעפוצונגען.

porce'lainist *n.* (פאהרס'-ליין-איסט) א זאמלער פון פארצעלייענע זאכען; א דע=קארירער פון פארצעליי.

porce'lain-ov'en *n.* (פאהרס'-ליין-אוו'ן) אן אויווען וואו עס ווערען אויסגע=ברענט פארצעלייענע כלים.

porce'lain-pa'per *n.* (פאהרס'-ליין-פיי'-פער) פארצעליי=פאפיער [אזא זארט פראנצויזישעם גלאזירטעם פאפיער].

por'celanous *a.* (פאהר'-סע-ליי-נאס) עהנליך צו פארצעליי; ווי פארצעליי.

porcella'neous *a.* (פאהר-סע-ליי'-ני-אס) ז. *porcelanous*

por'cellanous *a.* (פאהר'-סע-ליי-נאס) ז. *porcelanous*

porch *n.* (פאורטש) א ווערענדע; א פארהויז, א פאר=האלע; א קאלאנאדע, א זיילען=גאנג.

por'cine *a.* (פאהר'-סין) עהנליך צו א שוויין; שווייניש.

por'cupine *n.* (פאהר'-קיו-פאין) א שטא=כעל=שוויין, א שטאכעל=טהיער, א יאזשיק [א חיה מיט שטעכעדיגע האר ווי נאד=לען].

Porcupine

por'cupine-fish *n.* (פאהר'-קיו-פאין-פיש) דער שטאכעל=שוויין=פיש [אזא פיש מיט א שטעכעדיגער הויט].

pore *n. and v.* (פאור) א פארע, א שוויים=לעכעלע; א קליין לעכעלע; גענוי דורכקו=קען, אויפמערקזאם דורכלעזען, פארשענד אנזעהען.

pore o'ver (פאור או'-ווער) אויפמערק=

זאם דורכקוקן אדער דורכלעזען; זיך פערטיפען [אין עטוואס].

The child is poring over the geography lesson.

pore upon' (פאור א-פאן') ז. *pore over*.

por'gy *n.* (פאהר'-גי) א נאמען פון פערשיעדענע פיש.

po'rifer *n.* (פאו'-רי-פער) עטוואס וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך], ווי א שוואם.

porif'eral *a.* (פא-ריפ'-ע-רעל) וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך], ווי א שוואם.

porif'erous *a.* (פא-ריפ'-ע-ראס) וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך].

po'riform *a.* (פאו'-רי-פארם) וואס האט די פארם פון א פארע [א קליין לעכעלע].

po'rism *n.* (פאו'-ריזם) אין מאטעמאטיק — א טעארעמע לויט וועלכער א געוויסע אויפגאבע קען גארניט געלעזט ווערען אדער זי קען געלעזט ווערען אויף פיעל אופנים.

po'rite *n.* (פאו'-ראיט) דער שוואם=קאראל.

pork *n.* (פאורק) שוויינען=פלייש, חזיר=פלייש.

pork'-butch'er *n.* (פאורק'-בוטש'-ער) א חזירים=קצב, א קאלבאסניק.

pork'-chop' *n.* (פאורק'-טשאפ') א שוויינען=קאטלעט, א שטיקעל שוויינען ריפען=פלייש.

pork'-ea'ter *n.* (פאורק'-איע'-טער) א שוויין=פלייש=עסער.

por'ker *n.* (פאור'-קער) א שוויין, א חזיר; אן אבגעקארמעטער חזיר צו שלאכטען.

por'ket *n.* (פאור'-קעט) א חזיר'על.

pork'ling *n.* (פאורק'-לינג) א חזיר'על.

pork'-pie' *n.* (פאורק'-פאי') א פיראג אדער פאשטעט פון חזיר=פלייש.

pork'-pie hat (פאורק'-פאי העט) אזא פארצייטיגער פלאכער הוט עהנליך צו א פיראג.

pork'wood *n.* (פאורק'-הוואוד) קארק=האלץ.

pork'y *a.* (פאור'-קי) ווי חזיר=פלייש; פעט, דיק.

por'nial *a.* (פאהר'-ני-על) אויסגעלאסען.

pornoc'racy *n.* (פאהר-נאק'-רע-סי) די הערשאפט פון פראסטיטוטקעס אדער קורטיזאנקעס.

por'nograph *n.* (פאהר'-נא-גרעף) א בילד אדער שריפט מיט א פארנאגראפישען אינהאלט. ז. *pornography*.

pornog'rapher *n.* (פאהר-נאג'-רע-פער) א פארנאגראפישער שרייבער, איינער וואס בעשרייבט דאס לעבען פון פראסטיטוטקעס אדער שילדערט אויסגעלאסענקייט און געשלעכטליכע בעציהונגען.

pornograph'ic *a.* (פאהר-נא-גרעפ'-איק) פארנאגראפיש, וואס איז שייך צו פארנאגראפיע. ז. *pornography*.

pornog'raphy *n.* (פאר-נאג'-רע-פי) פארנאגראפיע, די בעשרייבונג אדער שילדערונג פון פראסטיטוטקעס אדער הורעריי; מאלעריי אדער בילדער פון געשלעכטליכע בעציהונגען אדער הורעריי; אונזיטליכע ליטעראטור.

po'rose *a.* (פאו'-ראוס) פארעז, וואס האט פארען, וואס איז פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך].

poro'sis *n.* (פא-ראו'-סיס) די בילדונג פון קנארפעל [כראמשקע] וואס ווערט נאכדעם פערהארטעוועט אין ביין ווי דאס קומט פאר ביי דער צוזאמענוואקסונג פון א געבראכענעם ביין.

poros'ity *n.* (פא-ראס'-אי-טי) דאס זיין פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך]; א פארע.

po'rotype *n.* (פאו'-רא-טאיפ) א קאפיע פון א צייכנונג אדער פון א שריפט וואס ווערט אראבגענומען אויף א כעמיש=פרעפארירטען פאפיער, וואס ווערט בעאיינפלוסט פון ליכט.

po'rous *a.* (פאו'-ראס) פארעז, וואס האט פארען, וואס איז פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך].

po'rous cup (פאו'-ראס קאפ) א פארעזעס געפעס [א ליימענע אדער פארצעלייענע כלי אהן א גלייז, דורך וועלכער עס קען דורכדרינגען א פליסיגקייט, ווי די וואס ווערט בענוצט אין דער דאניעל'שער עלעקטרישער באטאריי].

po'rously *adv.* (פאו'-ראס-לי) אויף א פארעזען אופן, דורך פארען, מיט פארען [קליינע לעכעלעך]; לאזענדיג דורכדרינגען.

po'rousness *n.* (פאו'-ראס-נעס) ז. *porosity*.

po'rous plas'ter (פאו'-ראס פלעס'-טער) א פארעזער פלאסטער [א פלאסטער וואס איז פול מיט קליינע לעכעלעך].

por'pezite *n.* (פאהר'-פעז-איט) אזא זארט גאלד וואס ענטהאלט א געוויסען פראצענט פאלאדיום.

porphyra'ceous *a.* (פאהר-פי-ריי'-שיאס) ז. *porphyritic*.

porphyrit'ic *a.* (פאהר-פי-ריט'-איק) ווי פארפיר=שטיין, וואס בעשטעהט פון פארפיר=שטיין.

porphyrit'ical *a.* (פאהר-פי-ריט'-אי-קעל) ז. *porphyritic*.

porphyrit'ically *adv.* (פאהר-פי-ריט'-אי-קעל-אי) אזוי ווי פארפיר=שטיין.

porphyriza'tion *n.* (פאהר-פי-רי-זיי'-שאן) דאס מאכען עהנליך צו פארפיר=שטיין; דאס צורייבען עטוואס אויף א פארפיר=שטיינערנער פלאטע.

por'phyrize *v.* (פאהר'-פי-ראיז) מאכען עהנליך צו פארפיר=שטיין; צורייבען אויף א פארפיר=שטיינערנער פלאטע.

por'phyry *n.* (פאהר'-פי-רי) פארפיר [אזא הארטער געפלעקטער שטיין].

por'poise *n.* (פאהר'-פאס) דער הערינגשוויין, דער ים=חזיר [א מין קליינער דיקער וואלפיש, אונגעפעהר 5 פוס לאנג, וועלכער געפינט זיך מייסטענס אין דעם נארד=אטלאנטישען אקעאן. זיין פלייש ווערט געגעסען, פון זיין פעט ווערט פאבריצירט א פיינער זארט אויל און פון זיין הויט ווערט געמאכט לעדער].

por'pus *n.* (פאהר'-פאס) ז. *porpoise*.

porra'ceous *a.* (פא-ריי'-שיאס) וואס האט דעם קאליר פון פאריי=גראז אדער ציבעלע, גרינליך.

porrect' *v.* and *a.* (פא-רעקט') הארייזאנטאל אויסשטרעקען; אויסגעשטרעקט.

porrec'tate *a.* (פא-רעק'-טייט) אויסגעשטרעקט.

porrec'tion *n.* (פא-רעק'-שאן) דאס האלטען אין אויסגעשטרעקטע הענד צו דערלאנגען; דאס דערלאנגען.

por'ridge *n.* and *v.* (פאר'-אידזש) זופ; מעהל=זופ, קאשע=זופ; אננעהמען די פארם פון זופ, פערוואנדעלט ווערען אין זופ; בעזארגען מיט זופ.

porrig'inous *a.* (פא-רידזש'-אי-נאס) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א גרינדע אדער א פארך; פארכיג.

porri'go *n.* (פא-ראי'-גאו) א גרינדע, א פארך.

por'ringer *n.* (פאר'-אינ-דזשער) א שיסעלע, א זופ=טעלער.

port *n.* and *v.* (פאורט) א פארט, א האפען [פאר שיפען]; א פארטע, א טויער; א שטאדט=טויער, א פעסטונגס=טויער; א פארטקע אדער עפנונג אין דער זייט פון א שיף, א קאנאנען=לאך אין דער זייט פון א קריעגס=שיף; אן עפנונג אין א מאשין ארויסצולאזען דאמפף, לופט, וואסער א. ד. ג.; דאס באקבארד [די לינקע זייט פון א שיף, קוקענדיג אין דער ריכטונג ווי זי געהט]; האלטונג, מיענע, מאניער; פארט=ווין; בעזארגען מיט טויערען אדער טהירען; טראגען; טראגען אדער האלטען די ביקס מיטביידע הענד אין א דיאגאנאלער ריכטונג פאר קווער דעם קערפער; ווענדען צום באקבארד [די לינקע זייט פון שיף]; קירעווען לינקס [וועגען א שיף].

por'ta *n.* (פאור'-טא) די לעבער=פארטע. ז. *portal*.

portabil'ity *n.* (פאור-טע-ביל'-אי-טי) טראגבארקייט, דאס קענען געטראגען ווערען.

por'table *a.* (פאור'-טעבל) טראגבאר, וואס קען געטראגען ווערען, וואס קען איבערגעטראגען ווערען פון איין ארט צו א צווייטען.

He bought a portable summer house.

por'tableness *n.* (פאור'-טעבל-נעס) ז. *portability*.

por'tage *n.* (פאור'-טעדזש) טראנספארט; דאס איבערטראגען, דאס אריבערפיהרען; טראנספארט=געלד; פראכט=געלד; טרעגער=לוין; לאדונג, פראכט, געפעק; די שטרעקע איבער וועלכער א שיפס=לאדונג ווערט טראנספארטירט פון איין שיף צו א צווייטער.

por'tal *n.* and *a.* (פאור'-טעל) א טהיר, אן אריינגאנג, א טויער; א הויפט=איינגאנג; וואס איז שייך צו א טויער; אריינגעהענד אין טויער; וואס איז שייך צו דער לעבער=פארטע [דאס ארט וואו עס קומט אריין דער גרויסער אדער וואס פיהרט דאס בלוט צום לעבער]; וואס איז שייך אדער עהנליך צום פארטע=אדער פון לעבער.

por'tal sys'tem (פאור'-טעל סיס'-טעם) די פארטע=סיסטעם פון לעבער [דער פארטע=אדער פון לעבער מיט אלע זיינע פערצווייגונגען].

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

por'tal vein (פאור'-טעל וויין) דער פארטע=אדער פון לעבער [דער גרויסער אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון די געדערים צום לעבער].

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

portamen'to *n.* (פאור-טא-מענ'-טאו) א גלייכמעסיגער שטופענווייזער איבערגאנג פון איין טאן=ארט צו א צווייטען אין זינגען אדער אין שפיעלען אויף א שטרייך=אינסטרומענט.

por'tant *a.* (פאור'-טענט) ז. *portate*.

port arms (פאורט ארמז) א מיליטערישער בעפעהל צו נעמען די ביקס מיט ביידע הענד אין א דיאגאנאלער ריכטונג פאר קווער דעם קערפער.

por'tate *a.* (פאור'-טייט) ווי גע=שרעג,

טראגען אויף דער פלייצע [וועגען א קרייז אויף א שילד אדער הערב].

por'tatile *a.* (פאור'-טע-טיל) ז. *portable*.

por'tative *a.* (פאור'-טע-טיוו) טראג־באר, וואס קען געטראגען ווערען אדער איבערגעטראגען ווערען פון איין ארט אויף'ן צווייטען; וואס איז שייך צו דער טראג־קראפט.

port'-bar *n.* (פאורט'-באר) א האפען־שטאנג [א שטאנג וועלכער פערשפארט דעם אריינגאנג אין האפען].

port'-cray'on *n.* (פאורט'-קריי'-אן) א בליישטיפט־האלטער, א קרייד־שטיפט־האלטער.

portcul'lis *n.* and *v.* (פאורט-קאל'-ליס) א פאל־גראטע, א פאל־טויער [אזא טויער פון א פעסטונג וואס ווערט ארויפ־געצויגען און אראבגעלאזען אויף קיי־טען]; בעזארגען מיט א פאל־טויער; פערשפארען.

Porte *n.* (פאורט) די פארטע, דער טער־קישער הויף, די טערקישע רעגירונג.

porte'-cochère' *n.* (פאורט'-קאו-שעהר') אן אריינפאהר אדער דורכפאהר אין א געביידע פאר קארעטען אדער פוהרען.

porte'-cray'on *n.* (פאורט'-קריי'-אן) ז. *port-crayon*.

port'-elec'tric *a.* (פאורט'-אי-לעק'-טריק) וואס ווערט געטראגען דורך עלעק־טריציטעט [וועגען א געוויסער סיסטעם פון אריבערשיקען פאסט־פאקעטען].

porte'-lumière' *n.* (פאורט'-לו-מיעהר') אזא אפאראט וואס בעשטעהט פון א פלאכען שפיגעל, וועלכער קען אנגעשטעלט ווערען דורך שרויפען אויף אזא אופן, דאס מען זאל קענען קאנטראלירען די ריכטונג פון די ליכט־שטראהלען, וועלכע ווערען פון איהם רעפלעקטירט.

porte'-monnaie' *n.* (פאורט'-מא-ניי') א פארטמאנע, א געלד־בייטעל, א טייסטער.

portend' *v.* (פאור-טענד') פאראויסזאגען, פאראויס אנצייגען.

The heavy clouds **portend** rain.

portent' *n.* (פאור-טענט') א פארבע־דייטונג, א פארצייכען; א שלעכטער סמן, א בייזע פארבעדייטונג.

porten'tous *a.* (פאור-טען'-טאס) פאר־בעדייטענד; וואס זאגט פאראויס שלעכטס; שרעקליך; וואונדערליך, געוואלטיג.

porten'tously *adv.* (פאור-טען'-טאס-לי) אויף א פארבעדייטענדען אופן; פון שלעכטער פארבעדייטונג; שרעקליך, געוואלטיג; וואונדערליך.

por'ter *n.* (פאור'-טער) א פארטיער, א שווייצאר, א טהיר־בעדיענטער, א משרת; א לאסט־טרעגער; פארטער־ביער; עטוואס וואס ווערט געברויכט ביים טרא־גען אדער צום אונטערהאלטען עפעס.

por'terage *n.* (פאור'-טער-עדזש) די שטעלע אדער פליכטען פון א פארטיער אדער שווייצאר; טרעגער־געצאהלט, טרע־גער־לוין; דאס טראגען; טראנספארט; טראנספארט־קאסטען.

por'teress *n.* (פאור'-טער-עס) א פאר־טיערין, א טהיר־בעדיענטע, א טויער־הי־טערין.

por'ter-house *n.* (פאור'-טער-האוס) א ביער־הויז; א רעסטאראן.

por'terly *a.* (פאור'-טער-לי) ווי א טרעגער; גראב, געמיין.

port'-fire *n.* (פאורט'-פאיר) א צינד־שנור וואס פלעגט אמאל געברויכט ווערען פאר הארמאטען.

portfo'lio *n.* (פאורט-פאו'-ליאו) א פארטפעל [אזא גרויסער טייסטער צו האלטען פאפיערען אדער דאקומענטען]; א מיניסטער־אמט.

port'-hole *n.* (פאורט'-האול) א קאנא־נען־לאך פון א קריעגס־שיף; א לאך אין א צילינדער פון א דאמפף־מאשין אריינ־צולאזען אדער ארויסצולאזען דאמפף.

por'tico *n.* (פאור'-טי-קאו) א פארטי־קוס, א זיילען־גאנג [א רייהע זיילען, וועל־כע האבען איבער זיך א דאך]; א גא־לעריי; א וועראנדע.

por'ticoed *a.* (פאור'-טי-קאוד) מיט א פארטיקוס. ז. *portico*.

portière' *n.* (פאור-טיעהר') א פארטיער, א טהיר־פארהאנג.

por'tify *v.* (פאור'-טי-פאי) זיך מאכען וויכטיג, זיך האלטען פאר א וויכטיגען מענשען.

por'tio *n.* (פאור'-שי-או) אין אנאטא־מיע — א טייל, א צווייג.

por'tion *n.* and *v.* (פאור'-שאן) א פאר־ציאן; א טייל, א חלק; א חלק ירושה; אן אויסשטייער פון א פרוי; א הייראטס־גוט, נדן; דער גורל, דאס שיקזאל, דאס מזל; טיילען; צוטיילען; איינטיילען; געבען א טייל; געבען א טייל ירושה.

por'tionable *a.* (פאור'-שאן-עבל) פראפארציאנעל.

por'tioner *n.* (פאור'-שאן-ער) א טייי־לער, א פערטיילער, אן אויסטיילער; א בעזיצער פון א קליינעם טייל לאנד; א גלח וואס דיענט אין א געמיינדע צוזאמען מיט נאך גלחים און קריעגט נור א טייל פון דער הכנסה.

por'tionist *n.* (פאור'-שאן-איסט) א גלח וואס דיענט אין א געמיינדע צוזאמען מיט אנדערע גלחים און קריעגט נור א טייל פון דער הכנסה.

por'tionless *a.* (פאור'-שאן-לעס) אהן א חלק; אהן נדן, אהן אן אויסשטייער.

Port'land cement' (פאורט'-לענד סי-מענט') פארטלאנד־צעמענט [אזא זארט צעמענט וואס האט א גרויליכען קאליר ווי פון פארטלאנד־שטיין].

port'last *n.* (פאורט'-לעסט) דאס שאנ־דעק [פון א שיף].

port'-lid *n.* (פאורט'-ליד) דאס טהירעלע פון א קאנאנען־לאך אין א קריעגס־שיף.

port'liness *n.* (פאורט'-לי-נעס) שטאט־ליכקייט, סטאטעטשנעקייט, סטאטקאווני־קייט; דאס האלטען זיך מיט ווירדע.

port'ly *a.* (פאורט'-לי) שטאטליך, סטא־טעטשנע; מיט ווירדע; דיק, גראב, גרויס.

port'man *n.* (פאורט'-מען) אן איינ־וואהנער פון א האפען־שטאדט; אן איינ־וואהנער פון איינעם פון די פאלגענדע פינף ענגלישע האפען־שטעדט: הייסטינגס, ראמני, דאווער, האיטהע און סאנדוויטש.

portman'teau *n.* (פאורט-מען'-טאו) א קליידער־טשעמאדאן; א רייזע־זאק, א רייזע־טשעמאדאן; א האקען אויפצוהיינ־גען א קלייד [הויפטזעכליך צום באר־שטען].

port'-mote *n.* (פאורט'-מאוט) א הא־פען־געריכט, א פערזאמלונג פון פאלקס־פערטרעטער פון א האפען־שטאדט [אמאל אין ענגלאנד].

port of en'try (פאורט אוו ענ'-טרי) א האפען וואו עס געפינט זיך א צאל־הויז פאר אויסלענדישע סחורות.

por'toise *n.* (פאור'-טיז) ז. *portlast*.

por'trait *n.* (פאור'-טרייט) א פאר־טרעט; א בילד; א בילדליכע בעשריי־בונג אדער שילדערונג.

por'traitist *n.* (פאור'-טריי-טיסט) א פארטרעט־מאלער; איינער וואס מאכט בילדער [ווי א פאטאגראף].

por'trait-pain'ter *n.* (פאור'-טרייט-פיינ'-טער) א פארטרעט־מאלער.

por'traiture *n.* (פאור'-טריי-טשור) א פארטרעט, א בילד; אן אבבילדונג; פארטרעט־מאלעריי.

portray' *v.* (פאור-טריי') אב־מאלען; שילדערען, בעשרייבען.

portray'al *n.* (פאור-טריי'-על) דאס אבמאלען; שילדערונג, בעשרייבונג, פאר־שטעלונג.

portray'er *n.* (פאור-טריי'-ער) א פאר־טרעט־מאלער; א שילדערער, א בעשריי־בער.

port'reeve *n.* (פאורט'-ריעוו) א האפען־מאגיסטראט, א ריכטער אין א האפען אדער האפען־שטאדט; א קעניגליכער פארשטעהער אדער בעאמטער אין א האנדעלס־שטאדט אמאל אין ענגלאנד.

por'tress *n.* (פאור'-טרעס) ז. *porteress*.

port'-sale *n.* (פאורט'-סייל) אן אויק־ציאן, א ליציטאציע.

port'-town *n.* (פאורט'-טאון) א פאר־טאווע שטאדט, א האפען־שטאדט.

Por'tugal *n.* and *a.* (פאור'-טשו-געל) דאס לאנד פארטוגאל; וואס איז שייך צו פארטוגאל; פארטוגעזיש.

Portuguese' *a.* and *n.* (פאור-טשו-גיעס') פארטוגעזיש; וואס איז שייך צו פארטוגאל; א פארטוגעזער; דאס פאר־טוגעזישע פאלק; די פארטוגעזישע שפראך.

portula'ca *n.* (פאור-טיו-ליי'-קא) פאר־טולאק [א מין פלאנצע מיט דיקע זאפ־טיגע בלעטער און מיט געלבע, רויטע אדער פורפור־בלומען]. ז. *purslane*.

port'-wine' *n.* (פאורט'-הוואין') פארט־ווייין.

posa'da *n.* (פאו-סא'-דא) א גאסט־הויז, אן אכסניה, א קרעטשמע.

pose *n.* and *v.* (פאוז) די פאזע, א שטעלונג אדער האלטונג פון קערפער; אוועקשטעלען אין א בעשטימטער פאזע אדער האלטונג; פאזירען, אננעהמען א פאזע; בעהויפטען עפעס; פערווירען, שטעלען אין פערלעגענהייט [מיט א פרא־גע אדער בעהויפטונג].

pose as (פאוז עז) פיגורירען אדער אויפטרעטען אלס...

Posei'don *n.* (פא-סאי'-דאן) אין דער אלט־גריכישער מיטאלאגיע — פאסיידאן, דער גאט פון ים [ביי די אלטע רוימער האט ער זיך גערופען נעפטון].

po'ser *n.* (פאו'-זער) א שווערע אויפ־גאבע, א הארבע שאלה; א פראגען־שטע־לער, אן עקזאמענירער.

poseur' *n.* (פאו-זויר') איינער וועל־כער פאזירט אדער נעהמט אן א געווי־סע פאזע.

po'sied *a.* (פאו'-זיד) בעצייכענט מיט א מאטא. ז. *posy*.

pos'it *v.* (פאז'-איט) פעסטשטעלען; בעהויפטען; שטעלען אין א פאזיציאן, שטעלען א זאך אין בעציהונג צו אנדערע זאכען.

pos'ited *a.* (פאז'-אי-טעד) געלעגט, געשטעלט.

posi'tion *n.* and *v.* (פא-זיש'-אן) די פאזיציאן [די שטעלונג פון א זאך אין בעציהונג צו אנדערע זאכען]; די שטע־לונג, די לאגע, דער צושטאנד; דער זאץ,

דער טעזיס, א גרונד-זאץ, א כלל; דאס אויסשטעלען, די אויסשטעלונג, די בעהויפטונג; די בענעהמונג; אן ארט, א שטעלע; שטעלען אין א בעשטימטען פלאץ; שטעלען אין א פאזיציאן.

posi'tion-fin'der *n.* (פא-זיש'-אנ-פאינ'-דער) אן אפאראט, דורך וועלכען מען קען אנשטעלען א ביקס אדער הארמאט אזוי, אז מען זאל קענען שיסען אין א געוויסען ציעל-פונקט, ניט זעהענדיג דיעזען פונקט.

pos'itive *a. and n.* (פאז'-אי-טיוו) פאזיטיוו; פעסטגעזעצט; אנגענומען; געזעצליך פארגעשריבען אדער נעגעבען; בעשטימט, אויסגעמאכט; זיכער, געוויס, וואהר, ווירקליך; בעהויפטענד, בעווייזענד; ענטשיידענד; אויסדריקליך, ניט צו איינגעשרענקט; פעסט איבערצייגט; שטארק זיכער אדער בעשטימט, דאגמאטיש; אין פיזיק — פאזיטיוו [אין געגענזאץ צו נעגאטיוו]; אין אפטיק און פאטאגראפיע — פאזיטיוו [וואס ענטשפרעכט דעם אריגינאל]; דאס פאזיטיווע, די ווירקליכקייט; אין גראמאטיק — דאס פאזיטיוו. ז. *positive degree*.

pos'itive degree' (פאז'-אי-טיוו די-גריע') אין גראמאטיק — דאס פאזיטיוו [א ווארט וואס בעצייכענט אן אייגענשאפט פון א זאך, ניט פערגלייכענדיג זי מיט דערזעלבער אייגענשאפט ביי אנדערע זאכען, ווי למשל, אין דעם זאץ "א שעהנע פרוי" איז דאס ווארט "שעהנע" א פאזיטיוו, אין געגענזאץ צו די פארמען פון אייגענשאפטס-ווערטער, וואס בעצייכנען א פערגלייך, "שעהנער", "די שעהנסטע"].

pos'itive discrep'ancy (פאז'-אי-טיוו דיס-קרעפ'-ענ-סי) די בעציהונג צווישען די צייגניסע פון צוויי עדות, ווען איינער זאגט בעשטימט "יא" און דער צווייטער זאגט בעשטימט "ניין".

pos'itive electric'ity (פאז'-אי-טיוו אי-לעק-טריס'-אי-טי) פאזיטיווע עלעקטריציטעט [די עלעקטריציטעט וואס בעקומט זיך פון גלאז ווען מען רייבט עס מיט זייד].

pos'itive ev'idence (פאז'-אי-טיוו עוו'-אי-דענס) א פאזיטיוועס צייגניס [א צייגניס פון אן עדות, וועלכער האט געזעהן דעם פאקט אדער געשעהעניש מיט זיינע אויגען].

pos'itive law (פאז'-אי-טיוו לאה) געזעצען אדער א געזעץ וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון א געזעץ-געבענדער מאכט [אין אונטערשיעד פון געזעצען אין אלגעמיין, ווי די געזעצען פון דער נאטור א. ד. ג.].

pos'itively *adv.* (פאז'-אי-טיוו-לי) פאזיטיוו, זיכער, געוויס, אונבעשטרייטבאר, אונצווייפעלהאפט.

pos'itiveness *n.* (פאז'-אי-טיוו-נעס) בעשטימטהייט; ווירקליכקייט; זיכערקייט, געוויסהייט; דאגמאטישקייט, איבערטריבענע בעשטימטהייט.

pos'itive philos'ophy (פאז'-אי-טיוו פי-לאס'-א-פי) די פאזיטיווע פילאזאפיע, פאזיטיוויזם. ז. *positivism*.

pos'itive pole (פאז'-אי-טיוו פאול) דער פאזיטיווער פאל, דער פאל פון אן עלעקטרישער באטעריי, פון וועלכען מען בעקומט פאזיטיווע עלעקטריציטעט; דער פאל פון א מאגנעט, וועלכער איז געווענדעט צו צפון-זייט.

pos'itive quan'tity (פאז'-אי-טיוו קהוואנ'-טי-טי) אין אלגעברא — די פאזיטיווע גרעסע, א גליעד פון אן אלגעבראאישען אויסדרוק, פאר וועלכען עס שטעהט דער צייכען +.

pos'itivism *n.* (פאז'-אי-טיוו-איזם) פאזיטיוויזם אדער די פאזיטיווע פילאזאפיע [די פילאזאפישע שיטה וואס איז געגרינדעט פון אוגוסט קאנט (געב. 1798, געשט. 1857) און וועלכע האלט, אז קיין אנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאס וויסען וועגען פענאמענען אדער ערשיינונגען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים. די מענשליכע קענטניס אדער וויסען וועגען די ערשיינונגען האט איבערגעלעבט אין פערלויף פון דער געשיכטע דריי בעזונדערע ענטוויקלונגס-שטופען: 1) די טעאלאגישע, ווען מענשען האבען זיך ערקלערט יעדע ערשיינונג אלס א רעזולטאט פון געטליכען ווילען; 2) די מעטאפיזישע, ווען מענשען האבען זיך ערקלערט די ערשיינונגען אלס רעזולטאט פון אונבעגרייפליכע אבסטראקטע קרעפטען און 3) די פאזיטיווע, ווען מענשען ערקלערען זיך די ערשיינונגען אלס פאלגען פון נאטור-געזעצען, וועלכע זיינען ענטדעקט געווארען דורך וויסענשאפטליכער ערפאהרונג]; פאקטישע קענטניס; פאזיטיווע וויסענשאפטען.

pos'itivist *n.* (פאז'-אי-טיוו-איסט) א פאזיטיוויסט, אן אנהענגער פון דער פאזיטיווער פילאזאפיע. ז. *positivism*.

positivis'tic *a.* (פאז-אי-טי-וויס'-טיק) פאזיטיוויסטיש; וואס איז שייך צו פאזיטיוויזם אדער צו די פאזיטיוויסטען. ז. *positivism*.

positiv'ity *n.* (פאז-אי-טיוו'-אי-טי) ז. *positiveness*.

pos'net *n.* (פאס'-נעט) א שיסעלע, א שאל.

posolog'ic *a.* (פאס-א-לאדזש'-איק) פאסאלאגיש, וואס איז שייך צו פאסאלאגיע. ז. *posology*.

posolog'ical *a.* (פאס-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *posologic*.

posol'ogy *n.* (פא-סאל'-א-דזשי) פאסאלאגיע [דער טייל פון מעדיצין וואס זוכט צו בעשטימען די גרויס פון יעדער פארציע אדער דאזע מעדיצין, וואס דארף איינגענומען ווערען].

pos'se *n.* (פאס'-אי) די מעגליכקייט, דאס זיין בכח [ניט בפועל]; א בעוואפענטע מאכט; נויט-סאלדאטען [איינפאכע בירגער וואס א שעריף רופט צו הילף אין א נויטפאל].

pos'se comita'tus (פאס'-אי קאמ-אי-טיי'-טאס) נויט-סאלדאטען [איינפאכע בירגער וואס א שעריף האט רעכט אויפצופאדערען צו הילף אין א נויטפאל].

possess' *v.* (פא-זעס') בעזיצען, פערמאגען; פערנעהמען, ווערען דער אייגענטימער פון עפעס; בעהערשען, גייסטיג קאנטראלירען; דורכדרינגען אדער ווערען דורכגעדרונגען מיט עפעס [ווי מיט געוויסע געפיהלען אדער געדאנקען].

possessed' *a.* (פא-זעסט') 1. וואס איז אין בעזיץ; 2. בעהערשט פון א ניט-גוטען; משוגע, פערריקט.

1. He is **possessed** of much real estate. 2. This old woman is evidently **possessed**.

posses'sion *n.* (פא-זעש'-אן) 1. אן איינגענומענעם לאנד; 2. א בעזיץ, אן אייגענטום; א גוט, א פאסעסיע; 3. אן איבערצייגונג; 4. דאס זיין בעהערשט פון א ניט-גוטען; דאס זיין משוגע.

1. England has **possessions** in all parts of the world. 2. The book is in my **possession**.

posses'sional *a.* (פא-זעש'-אנ-על) ז. *possessive*.

posses'sionary *a.* (פא-זעש'-אנ-ע-רי) וואס איז שייך צו בעזיץ אדער אייגענטום.

possess'ive *a. and n.* (פא-זעס'-איוו) בעזיצענד, אנגעהעריג, וואס צייגט אן אנגעהעריגקייט; א ווארט וואס בעצייכענט די אנגעהעריגקייט פון איין זאך צו אן אנדערער; אין גראמאטיק — דער בעזיץ-פאל. ז. *possessive case*.

possess'ive case (פא-זעס'-איוו קיים) אין גראמאטיק — דער בעזיץ-פאל, די פארם פון א ווארט ווען עס בעצייכענט די אנגעהעריגקייט פון איין זאך צו אן אנדערער [ווי למשל, דאס ווארט "פאטער'ס" אין דעם זאץ "מיין פאטער'ס הויז"].

possess'ively *adv.* (פא-זעס'-איוו-לי) אויסדריקענדיג די אנגעהעריגקייט פון איין זאך צו אן אנדערער.

possess'ive pro'noun (פא-זעס'-איוו פראו'-נאון) דאס בעזיץ-אנצייגענדע פירווארט [אין גראמאטיק — די פארמע פון א פירווארט וואס בעצייכענט בעזיץ אדער אנגעהעריגקייט, ווי די ווערטער מיין, דיין, זיין, איהר א. ז. וו.].

possess'or *n.* (פא-זעס'-אר) א בעזיצער, אן אייגענטימער.

possess'ory *a.* (פא-זעס'-א-רי) וואס איז שייך צו בעזיץ; וואס בעזיצט; וואס קומט ארויס פון בעזיצען עפעס.

possess'ory ac'tion (פא-זעס'-א-רי עק'-שאן) א געריכטס-פראצעס צו בעשטימען דאס רעכט צו פערהאלטען אדער בעזיצען עפעס.

possess'ory judg'ment (פא-זעס'-א-רי דזשאדזש'-מענט) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — א געריכטס-אורטייל, וועלכער גיט דאס רעכט צו איינעם, וואס בעזיצט א גוט אין פערלויף פון זיבען יאהר, צו בעזיצען עס ווייטער ביז די פראגע וועגען דעם רעכט אויף דיעזען גוט וועט ענטשיעדען ווערען דורכ'ן געזעץ.

possess' the mind (פא-זעס' טהי מאינד) בעהערשען דעם גייסט אדער דעם געדאנק, זיין בעפעסטיגט אין געדאנק.

possess' the soul (פא-זעס' טהי סאול) דורכדרינגען די נשמה.

pos'set *n.* (פאס'-עט) א געטראנק פון הייסער מילך מיט וויין.

possibil'ity *n.* (פאס-אי-ביל'-אי-טי) מעגליכקייט; א מעגליכע זאך.

pos'sible *a.* (פאס'-איבל) מעגליך; וואס קען זיין.

pos'sibly *adv.* (פאס'-אי-בלי) מעגליך; אפשר, פיעלייכט.

pos'sum *n. and v.* (פאס'-אם) אן אפאסום [ז. *opossum*]; זיך מאכען טויט; זיך פערשטעלען.

post *n., a. and v.* (פאוסט) א סלופ; א שטיץ-זייל; דאס שטארצענדע אייזענדעל אין א שלאס וואס געהט אריין אין שליסעל; א בעשטימטער פלאץ וואס איז מיט עפעס פערנומען [ווי א מיליטערישער פאסט, דער פאסט פון דעם צענטער-שפיעלער אין פוסבאל-שפיעל א. ז. וו.]; א שטעלע, אן אמט; די שטעלונג, די לאגע; די פאסט פאר בריעף, פאקעטען א. ד. ג.; א פאסטשטאליאן, א שליח, א ידיעות-בריינגער; פאסט-פאפיער [פא-

פיער פון א געוויסען פארמאט פאר
בריעף]; איילענד, אין דער גיך; צו=
שלאגען אדער צוקלעפען צו א סלופ [ווי
א פלאקאט, אן אפישע, א מודעה א. ז.
וו.]; פערעפענטליכען, בעקאנט מאכען
דעם עולם מיט עפעס; בעשטימען צו א
געוויסען פאסט אדער שטעלע; פאנאנ=
דערשטעלען; אבגעבען אין פאסט; אריינ=
ווארפען [א בריעף] אין פאסט=קעס=
טעל; אין בוכהאלטעריע — אריינשריי=
בען אדער איינטראגען אין הויפט=בוך;
שיקען דורך פאסט, דעפעשירען; געבען
ידיעות; רייזען מיט דער פאסט, איילען.
post ad'jutant (פאוסט עדזש'-או-
טענט) דער אפיציער וואס האט אויפ=
זיכט איבער די סאלדאטען וואס זיינען
פאנאנדערגעשטעלט אויף פערשיעדענע
פאסטען.
pos'tage *n.* פאסט= (פאוס'-טעדזש)
געלד, פארטא; דאס פאהרען מיט פאסט;
א רייזע.
pos'tage cur'rency (פאוס'-טעדזש
קאר'-ען-סי) קליינגעלד [פון מעטאל אדער
פאפיער, ווי למשל, האלבע=דאלארדיגע,
פיערטעל=דאלארדיגע, צעהן=סענטיגע א. ז.
וו.].
pos'tage paid (פאוס'-טעדזש פייד)
פאסט=פריי, פראנקא, איינגעצאהלט [ווע=
גען בריעף אדער פאקעטען וואס ווערען
געשיקט דורך פאסט].
pos'tage-stamp *n.* (פאוס'-טעדזש-
סטעמפ) א פאסט=מארקע.
pos'tal *a. and n.* וואס גע= (פאוס'-טעל)
הערט צו דער פאסט; א פאסט=קארטעל;
א פאסט=אנווייזונג.
pos'tal car א פאסט= (פאוס'-טעל קאר)
וואגאן [אן אייזענבאהן=וואגאן פאר פאסט=
זאכען].
pos'tal card א (פאוס'-טעל קארד)
פאסט=קארטעל.
pos'tal communica'tion (פאוס'-
טעל קא-מיו-ני-קיי'-שאן) די פאסט=פער=
בינדונג.
pos'tal note א (פאוס'-טעל נאוט)
פאסט=אנווייזונג [צו בעצאהלען א געווי=
סע סומע געלד, ווייניגער ווי 5 דאלאר].
pos'tal or'der (פאוס'-טעל אהר'-דער)
אין ענגלאנד — א פאסט=אנווייזונג.
ז. *postal note*.
pos'tal stea'mer (פאוס'-טעל סטיע'-
מער) א פאסט=דאמפף=שיף.
pos'tal tube א (פאוס'-טעל טיוב)
רעהרען=פערמיג שאכטעל, אין וועלכען מען
שיקט פאסט=זאכען, וואס דארפען צונויפ=
געראלט ווערען.
pos'tament *n.* א פאס= (פאוס'-טע-מענט)
טאמענט, א פעדעסטאל אדער אונטערשטי=
צע [ווי למשל פון א וואזע].
post away' אוועק= (פאוסט ע-הוויי')
געהן, אוועקלויפען אין איילעניש.
post away' with (פאוסט ע-הוויי'
הוויטה) עפעס שנעל אבטהאן; זיך אב=
טראגען מיט עפעס.
post'-bag *n.* א בריעף= (פאוסט'-בעג)
זאק [א זאק, אין וועלכען מען טראגט
בריעף].
post'-box *n.* א בריעף= (פאוסט'-באקס)
קאסטען.
post'boy *n.* א פאסט=יונג, (פאוסט'-באי)
א פאסט=דיענער; א קוריער.
post'-cap'tain *n.* (פאוסט'-קעפ'-טיין)
איינער פון די העכערע אפיציערען אין
דער אמעריקאנער און ענגלישער פלאטע.
post'-card *n.* א פאסט= (פאוסט'-קארד)
קארטעל.
post'-chaise *n. and v.* (פאוסט'-שייז)
א פאסט=וואגען צו פיהרען פאסאזשירען;
פאהרען מיט פאסט.
postclas'sical *a.* (פאוסט-קלעס'-אי-
קעל) פאסט=קלאסיש, וואס האט פאסירט
אדער וואס האט עקזיסטירט נאך דער
קלאסישער פעריאדע פון דער גריכיש=
רוימישער ליטעראטור.
post'-coach *n.* א (פאוסט'-קאוטש)
פאסט=וואגען. ז. *post-chaise*.
post-commu'nion *n.* (פאוסט-קא-
מיו'-ניאן) די תפילה אדער די עבודה אין
דער קריסטליכער קירך נאך דעם הייליגען
אבענדמאהל. ז. *communion*.
post'date *n.* א שפעטע= (פאוסט'-דייט)
ריגע דאטע אויף א דאקומענט [ניט די
ריכטיגע, ווען דער דאקומענט איז געשרי=
בען געווארען].
postdate' *v.* שטעלען א (פאוסט-דייט')
שפעטעריגע דאטע אויף א דאקומענט
[ניט די ריכטיגע, פריהערע דאטע, ווען
דער דאקומענט איז געשריבען געווארען].
post'-day *n.* א פאסט= (פאוסט'-דיי)
טאג [דער טאג ווען די פאסט קומט אן
אדער געהט אוועק].
postdilu'vial *a.* (פאוסט-די-לוה'-ווי-
על) וואס האט פאסירט אדער עקזיסטירט
נאך'ן מבול.
postdilu'vian *a. and n.* (פאוסט-די-
לוה'-ווי-ען) וואס עקזיסטירט אדער וואס
האט פאסירט נאך'ן מבול; איינער וואס
האט געלעבט אין די צייטען נאך דעם
מבול.
post-dissei'zin *n.* (פאוסט-דיס-סיע'-
זין) אין געזעצגעבונג — דאס אוועקנעה=
מען ביי אימעצען ערד=אייגענטום אדער
הייזער, וואס מען האט שוין איין מאל
געריכטליך צוגענומען ביי איהם און צו=
ריקגעגעבען איהם.
post-dissei'zor *n.* (פאוסט-דיס-סיע'-
זאר) איינער וואס נעהמט אוועק ביי אי=
מיצען ערד=אייגענטום אדער הייזער, וואס
ער האט שוין איין מאל געריכטליך צו=
גענומען ביי איהם און צוריקגעגעבען איהם.
pos'ted up גוט בע= (פאוס'-טעד אפ)
קאנט מיט דער זאך.
post'-en'try *n.* די (פאוסט'-ענ'-טרי)
בעקאנטמאכונג. אין צאל=הויז אדער טא=
מאזשנע וועגען סחורות אויף א שיף, וועל=
כע זיינען ניט אנגעגעבען געווארען פרי=
הער, בעת די שיף איז אריין אין הא=
פען; אין בוכהאלטעריע — דאס אריינ=
טראגען אדער אריינשרייבען אין בוך א
צאהל אדער חשבון וואס האט געדארפט
פריהער אריינגעטראגען ווערען.
pos'ter *n.* אן אפישען= (פאוס'-טער)
קלעפער; אן אפישע; א בעקאנטמאכונג;
איינער וואס פאהרט מיט פאסט; א פאסט=
פערד.
poste restante' (פאוסט רעס-טאנט')
פאסט רעסטאנט, פאסט=לאגערנד [די
אבטיילונג אין פאסט, וואו עס ווערען
געהאלטען בריעף ביז די פערזאן, צו וועל=
מען דער בריעף איז אדרעסירט, קומט
נאך איהם].
poste'rial *a.* (פאס-טי'-רי-על)
ז. *posterior*.
poste'rior *a. and n.* (פאס-טי'-רי-אר)
הינטער; נאכקומענד, שפעטער; א שפע=
טערער, א נאכהעריגער, א הינטערער.
posterior'ity *n.* (פאס-טי-רי-אר'-אי-
טי) דאס זיין נאכפאלגענד נאך עפעס;
דאס זיין הינטער אדער שפעטער.
poste'riorly *adv.* (פאס-טי'-רי-אר-לי)
הינטער, שפעטער; אין שפעטערער צייט;
נאך.
poste'rior tib'ial ar'tery (פאס-טי'-
רי-אר טיב'-אי-על אר'-טע-רי) די הינ=
טערשטע ארטעריע אדער שלאג=אדער פון
שינביין.
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*
poster'ity *n.* די (פאס-טער'-אי-טי)
נאכקאמענשאפט, די קינדער, די קומענדע
דורות.
pos'tern *n. and a.* א הינ= (פאוס'-טערן)
טער=טהירעל, א הינטער=טהיר; א קליין
טהירעל נעבען א טויער אדער דעם הויפט
אריינגאנג; אין א פעסטונג — א פערבאר=
גען טהירעל נעבען הויפט=טויער; וואס איז
הינטען; פריוואט [וועגען אריינגאנג].
pos'tern-door *n.* (פאוס'-טערן-דאור)
ז. *postern*.
pos'tern-gate *n.* (פאוס'-טערן-גייט)
ז. *postern*.
posterolat'eral *a.* (פאס-טע-רא-לעט'-
ע-רעל) וואס געפינט זיך הינטען און ביי
דער זייט.
posteroter'minal *a.* (פאס-טע-רא-
טויר'-מי-נעל) וואס געפינט זיך הינטען
און ביי דעם ענד.
post-exil'ian *a.* (פאוסט-עג-זיל'-אי-
ען) וואס איז פארגעקומען נאך גלות
בבל.
post-exil'ic *a.* (פאוסט-עג-זיל'-איק)
ז. *post-exilian*.
post-exis'tence *n.* (פאוסט-עג-זיס'-
טענס) די קינפטיגע עקזיסטירונג; דאס
קינפטיגע זיין.
post-exis'tent *a.* (פאוסט-עג-זיס'-
טענט) וואס עקזיסטירט אדער לעבט נאכ=
דעם.
postfact' *a. and n.* (פאוסט-פעקט')
וואס איז שייך צו א פאקט וואס קומט
פאר נאך אן אנדער פאקט; א פאקט וואס
קומט פאר נאך אן אנדער פאקט.
post fac'to נאך דער (פאוסט פעק'-טאו)
טהאט, אחר המעשה.
post'fix *n.* אין גראמא= (פאוסט'-פיקס)
טיק — א סופיקס, א בוכשטאב, זילבע
אדער א ווארט וואס ווערט צוגעזעצט צום
ענד פון א ווארט.
postfix' *v.* צוגעבען א (פאוסט-פיקס')
סופיקס [א בוכשטאב, זילבע אדער ווארט
צוגעגעבען צום ענדע פון א ווארט].
post'-free *a.* פאסט= (פאוסט'-פריע)
פריי, אהן געצאהלט פאר'ן איבערשיקען.
post-gen'iture *n.* (פאוסט-דזשען'-
אי-טשור) דער שפעטער אדער צווייטער
געבארענער [פון א צווילינג].
post-gla'cial *a.* (פאוסט-גליי'-שיעל)
אין געאלאגיע — וואס איז פארגעקומען
אדער וואס האט זיך אויסגעבילדעט נאך
דער אייז=פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=
געשיכטע פון דער ערד.
postgrad'uate *a. and n.* (פאוסט-
גרעד'-יו-אייט) וואס איז שייך צו א קורס
פון למודים, וואס ווערט גענומען נאך'ן
ענדיגען א העכערע שולע; איינער וואס
נעהמט א קורס פון למודים נאכדעם ווי
ער האט שוין געענדיגט א לעהר=אנשטאלט.
post'-hack'ney *n.* (פאוסט'-העק'-ני)
ז. *post-horse*.
post-haste' *n., a. and adv.* (פאוסט-
הייסט') איילעניש, שנעלקייט [ווי דאס
לויפען פון פאסט אדער פון א קוריער];
שנעל, גיך; שוין; באלד; אין דער גיך;
אין איילעניש.

posthet'omist *n.* (פאס-טהעט'-א-מיסט) א בעשניידער, א מוהל.

posthei'omy *n.* (פאס-טהעט'-א-מי) דאס בעשניידען; מלה.

posthi'tis *n.* (פאס-טהאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער ערלה [דאס ענד=הייטעל פון דעם מענליכען געשלעכטס=ארגאן].

post hoc, ergo prop'ter hoc (פאוסט האק, ער'-גאו פראפ'-טער האק) נאך דעם, פאלגליך צוליעב דעם [א פאלשער לאגישער שלוס, ווען מען נעהמט אן, אז איין ערשיינונג איז די אורזאכע פון דער צווייטער מעהר ניט צוליעב דעם, וויל די צווייטע פאלגט נאך דער ערשטער. ווי למשל, די נאכט פאלגט נאך'ן טאג, פאלגליך, דער טאג איז די אורזאכע פון דער נאכט].

post'-hole *n.* (פאוסט'-האול) די גרוב וואס מען גראבט אויס אום אריינצושטעלען א סלופ.

post'-horn *n.* (פאוסט'-האהרן) א פאסט=הארן [דער טרומייט פון אן אמאליגען פאטשטאליאן אויף א פאסט=וואגען].

post'-horse *n.* (פאוסט'-האהרס) א פאסט=פערד [איינס פון די פערד, וועלכע מען האלט אויף די פאסט=סטאנציעס צו פיהרען פאסאזשירען אדער קוריערען פון איין סטאנציע צו דער צווייטער].

post'-house *n.* (פאוסט'-האוס) א פערד=פאסט=הויז; א פאסט=קאנטאר.

pos'thumous *a.* (פאס'-טשו-מאס) נאכגעבארען, געבארען נאך'ן פאטער'ס טויט; וואס איז ערשיענען נאך'ן טויט פון דעם שאפער אדער פערפאסער [ווי א בוך וואס ערשיינט נאך'ן טויט פון מחבר].

pos'thumous child (פאס'-טשו-מאס טשאילד) א קינד וואס ווערט געבארען נאך'ן פאטער'ס טויט.

pos'thumous fame (פאס'-טשו-מאס פיים) דער רוהם נאך'ן טויט.

pos'thumously *adv.* (פאס'-טשו-מאס-לי) נאך'ן טויט פון דעם שאפער אדער פערפאסער.

postiche' *a.* (פאס-טיש') וואס איז צוגעגעבען געווארען נאך דעם ווי די ארבייט האט זיך געענדיגט [ווי א צוגעגעבענער ניט ריכטיג=פאסענדער ארנאמענט].

pos'til *n.* (פאס'-טיל) אן אנמערקונג וואס מען שרייבט אן אויף דעם ברעג פון די זייטען אדער בלעטער פון א בוך אדער מאנוסקריפט; א פירוש [בעזונדערס אויף די הייליגע שריפטען]; א קירכען=פרעדיגט.

postil'ion *n.* (פאס-טיל'-יאן) ז. *postillion*.

postil'lion *n.* (פאס-טיל'-יאן) א פאסטיליאן, א פאטשטאליאן, א בריעף=טרעגער, א בריעף=פיהרער; א פאר=רייטער.

pos'ting *n.* (פאוס'-טינג) אין בוכהאלטעריע — די אריינטראגונג אין הויפט=בוך; דאס רייזען שנעל, דאס רייזען מיט דער פאסט.

pos'ting-house *n.* (פאוס'-טינג-האוס) ז. *post-house*.

pos'ting-sta'tion *n.* (פאוס'-טינג-סטיי'-שאן) ז. *post-house*.

postique' *a.* (פאס-טיק') וואס איז צוגעגעבען צופיעל; געטהאן נאכדעם אז די ארבייט איז שוין געווען געענדיגט [ווען א פערציערונג אין סקולפטור אדער ארכיטעקטור, איבערהויפט ווען דאס צוגעגעבענע איז אונפאסענד אדער אהן געשמאק]. ז. *postiche*.

post'-jack *n.* (פאוסט'-דזשעק) א גע-

ציינג ארויסצוהויבען סלופעס פון די גריבער.

postlim'inary *a.* (פאוסט-לימ'-אי-נע-רי) וואס איז שייך צום רעכט פון בעקומען די אלטע פריווילעגיע נאך דעם אומקעהרען זיך פון פערשיקונג, פון געפאנגענשאפט א. ד. ג. ז. *postliminy*.

postlimin'iary *a.* (פאוסט-לי-מינ'-אי-ע-רי) ז. *postliminary*.

postlimin'ious *a.* (פאוסט-לי-מינ'-אי-אס) ז. *postliminary*.

postlimin'ium *n.* (פאוסט-לי-מינ'-אי-אם) ז. *postliminy*.

postlim'iny *n.* (פאוסט-לימ'-אי-ני) דאס קריעגען די פריהעריגע רעכטען און פריווילעגיעס פון איינעם, וואס איז געווען פערשיקט אדער געפאנגען, ווען ער קומט צוריק אהיים.

post'-line *n.* (פאוסט'-לאין) אן אייזענבאהן אויף סלופעס, א הויך=באהן.

post'lude *n.* (פאוסט'-ליוד) אין מוזיק — א נאך=שפיעל [דאס שפיעלען פון ארגעל אין א קירך נאך דעם שלוס פון דעם גאטעס=דיענסט].

post'man *n.* (פאוסט'-מען) א פאטשטאליאן, א בריעף=טרעגער.

post'mark *n.* and *v.* (פאוסט'-מארק) א פאסט=מארקע; א פאסט=שטעמפעל [מיט'ן דאטום און פלאץ]; צוקלעפען א פאסט=מארקע צו א בריעף.

post'master *n.* (פאוסט'-מעס-טער) א פאסט=מייסטער, א פאסט=דירעקטאר.

post'master-gen'eral *n.* (פאוסט'-מעס-טער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל=פאסט=דירעקטאר [דער הויפט=פערוואלטער פון דער פאסט=סיסטעם אין לאנד].

post'master-gen'eralship *n.* (פאוסט'-מעס-טער-דזשענ'-ע-רעל-שיפ) דאס אמט פון א גענעראל=פאסט=דירעקטאר.

post'mastership *n.* (פאוסט'-מעס-טער-שיפ) דאס אמט פון א פאסט=מייסטער אדער פאסט=דירעקטאר.

postmerid'ian *a.* and *n.* (פאוסט-מי-ריד'-אי-ען) וואס קומט פאר נאך האלבען טאג; וואס איז שייך צו נאכמיטאגס=צייט; די נאכמיטאגס=צייט.

post merid'iem (פאוסט מי-ריד'-אי-עם) נאך האלבען טאג [וועגען דער צייט צווישען האלבען טאג און האלבער נאכט].

postmerid'ional *a.* (פאוסט-מי-ריד'-אי-אנ-על) וואס קומט פאר נאך האלבען טאג; וואס איז שייך צו נאכמיטאגס=צייט.

post'mistress *n.* (פאוסט'-מיס-טרעס) א פרויענצימער וואס פערנעהמט דאס אמט פון א פאסט=מייסטער.

post'-mon'ey *n.* (פאוסט'-מאנ'-אי) פאסט=געלד, דאס געצאהלט פאר בענוצען פאסט=פערד אויף א רייזע.

post-mor'tem *a.* and *n.* (פאוסט-מאהר'-טעם) נאך'ן טויט; א מעדיצינישע אדער געריכטליכע אונטערזוכונג פון קערפער נאך'ן טויט.

post-mor'tem examina'tion (פאוסט-מאהר'-טעם עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) 1. די אונטערזוכונג פון א טויטען קערפער; 2. דאס אונטערזוכען עפעס לאחר המעשה, נאכדעם ווי די זאך האט פאסירט.

2. The leaders of the party gathered for a post-mortem examination of the election returns.

post-mor'tuary *a.* (פאוסט-מאהר'-טשו-ע-רי) וואס האט געטראפען אדער וואס איז פארגעקומען נאך'ן טויט.

postna'tal *a.* (פאוסט-ניי'-טעל) וואס געשעהט נאך דער געבורט.

postna'tus *n.* (פאוסט-ניי'-טאס) אין געזעצגעבונג — דער צווייטער זוהן; איינער וואס איז געבארען געווארען נאך א בעשטימטער געשעהעניש [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס איז געבארען געווארען נאך דער אונאבהענגיגקייטס=ערקלערונג פון יאהר 1776].

post'-note *n.* (פאוסט'-נאוט) א פאסט=אנווייזונג אויף א געוויסער סומע געלד [ניט מעהר פון 5 דאלאר]; א באנק=אנווייזונג צו בעצאהלען א סומע געלד אין א בעשטימטען שפעטעריגען סראק און ניט לויט דער פאדערונג.

post-nup'tial *a.* (פאוסט-נאפ'-שעל) נאך דער הייראט; וואס פאסירט נאך דער חתונה.

post'-oak *n.* (פאוסט'-אוק) א מין נארד=אמעריקאנער דעמבע, וואס וואקסט ביז 70 פוס הויך און האט זעהר א שטארקען האלץ.

post-o'bit *n.* (פאוסט-או'-ביט) אן אבליגאציאן אדער פערזיכערונג וואס איינער גיט ארויס זיין מלוה צו בעצאהלען איהם די אנטליהענע סומע געלד נאך דעם טויט פון א פערזאן, וועלכע דער אנטלייהער ערווארטעט צו ירשנ'ען; א מעדיצינישע אדער געריכטליכע אונטערזוכונג פון א קערפער נאך'ן טויט.

post-o'bit bond (פאוסט-או'-ביט באנד) אן אבליגאציאן אויף ירושה. ז. *post-obit*.

post off (פאוסט אף) אוועקגעהן, אוועקלויפען אין איילעניש.

post'-of'fice *n.* (פאוסט'-אפ'-איס) א פאסט=קאנטאר; א פאטשט.

post'-of'fice box (פאוסט'-אפ'-איס באקס) א קעסטעל אין א פאסט=קאנטאר צו האלטען בעזונדער די קארעספאנדענץ פון א געוויסער פערזאן אדער פירמע [אנשטאט זי אבצושיקען אהיים].

Post'-of'fice Depart'ment (פאוסט'-אפ'-איס די-פארט'-מענט) דער פאסט=דעפארטאמענט.

post'-of'fice or'der (פאוסט'-אפ'-איס אהר'-דער) ז. *money-order*.

post'-of'fice sav'ings-bank (פאוסט'-אפ'-איס סייוו'-אינגז-בענק) א פאסט שפאר=קאסע [א רעגיערונגס=שפאר=קאסע אין א פאסט=קאנטאר].

post-op'erative *a.* (פאוסט-אפ'-ע-ריי-טיוו) וואס קומט פאר נאך דער אפעראציאן [ווי אן אונטערזוכונג פון א פאציענט נאכדעם ווי מען האט איהם אפערירט].

post'-paid *a.* (פאוסט'-פייד) פראנקא, איינגעצאהלט דאס פאסט=געלד.

post'-pa'per *n.* (פאוסט'-פיי'-פער) פאסט=פאפיער, בריעף=פאפיער.

post-par'tum *a.* (פאוסט-פאר'-טאם) וואס קומט פאר נאך דער געבורט פון א קינד.

postpo'nable *a.* (פאוסט-פאו'-נעבל) וואס קען אבגעלעגט ווערען אויף שפעטער.

postpone' *v.* (פאוסט-פאון') אבלעגען [אויף אן אנדער צייט]; בעטראכטען אלס וועניגער וויכטיג.

postpone'ment *n.* (פאוסט-פאונ'-מענט) דער אבלעג, דאס אבלעגען [אויף אן אנדער צייט]; דאס בעטראכטען אלס וועניגער וויכטיג.

postpo'ner *n.* (פאוסט-פאו'-נער) אן אבלעגער; איינער וואס לעגט עפעס אב אויף שפעטער.

postposi'tion *n.* (פאָוסט-פאָ-זיש'-אָן) דאס שטעלען אדער דאס זיין געשטעלט אהינטער.

postposi'tional *a.* (פאָוסט-פאָ-זיש'-אַנ-על) וואס שטעלט אדער וואס ווערט געשטעלט אהינטער.

postpos'itive *a.* (פאָוסט-פאַז'-אי-טיוו) וואס איז געשטעלט נאָך עפּעס.

postpran'dial *a.* (פאָוסט-פּרען'-די-על) וואס פּאַסירט נאָך מיטאָג=עסען.

post'-ri'der *n.* (פאָוסט'-ראַי'-דער) א רייטענדער בריעף=טרעגער.

post'-road *n.* (פאָוסט'-ראָוד) א פּאָסט=וועג, א וועג וואו עס געפינען זיך פערד=פּאָסט=סטאַציאָנען; א וועג דורך וועלכען די פּאָסט פיהרט די בריעף.

postrorse' *a.* (פּאַס-טראָהרס') אומגע=קעהרט צוריק; פערבויגען צוריק.

postsce'nium *n.* (פאָוסט-סי'-ני-אַם) דער פּלאַץ הינטער דער ביהנע אין א טעאַטער.

postscribe' *v.* (פאָוסט-סקראַיב') צו=שרייבען אדער אונטערשרייבען נאָכדעם.

post'script *n.* (פאָוסט'-סקריפּט) א פּאָסט=סקריפּטום, א נאָכשריפט [דאס וואס ווערט צוגעגעבען צו א בריעף נאָכדעם ווי ער איז שוין געענדיגט].

post'scriptal *a.* (פאָוסט'-סקריפּ-טעל) וואס איז שייך צו א פּאָסט=סקריפּטום. ז. ***postscript***

post'-stamp *n.* (פאָוסט'-סטעמפּ) ז. ***postage-stamp***

Post-ter'tiary *a. and n.* (פאָוסט-טויר'-שי-ע-רי) אין געאָלאָגיע — נאָך דער טערטיער=צייט אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד; די קוואַר=טער=צייט. ז. ***Tertiary*** און ***Quaternary***

post-ton'ic *a.* (פאָוסט-טאַנ'-איק) וואס קומט נאָך דער זילבע, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער אַקצענט.

post'-town *n.* (פאָוסט'-טאַון) א פּאָסט=שטאָדט [א שטאָדט מיט א פּאָסט=קאָנ=טאָר].

post'-train *n.* (פאָוסט'-טריין) א פּאָסט=צוג.

pos'tulant *n.* (פּאַס'-טשו-לענט) א פּאָס=טולאַנט, א זוכער, א פאָדערער, א פערלאַנגער; א קאַנדידאַט אויף אויפגענומען צו ווערען אין א רעליגיעזען אָרדען; איינער וואס שלאָגט זיך פאַר פאַר א גלח=שטעלע [אין דער אמעריקאַנישער עפּיס=קאָפּאַלישער קירך].

pos'tulate *n. and v.* (פּאַס'-טשו-לייט) א פּאָסטולאַט, א בעהויפּטונג וואס פּאָ=דערט קיין בעווייז, א זעלבסטפערשטענד=ליכע וואהרהייט; אין געאָמעטריע — א בעהויפּטונג וועלכע פאָדערט ניט קיין בע=וויַיז, אז א געוויסע קאָנסטרוקציאָן איז מעגליך [צ. ב. די בעהויפּטונג, אז צווי=שען יעדע צוויי פּונקטען קען געצויגען ווערען א גראַדע ליניע]; א נויטווענדיגע בעדינגונג [פאַר דער אויספיהרליכקייט פון עפּעס]; אננעהמען אלס ריכטיג אָהן א בעווייז; פאָרויסזעצען, אז עס איז ריכ=טיג; פאָדערען, פערלאַנגען; מאַכען א פּאָסטולאַט.

postula'tion *n.* (פּאַס-טשו-ליי'-שאָן) דאס פּאָסטולירען, דאס מאַכען א בעהויפּ=טונג, וועלכע איז זעלבסטפערשטענדליך און פאָדערט ניט קיין בעווייז; דאס בע=שטימען אדער אויסוועהלען צו א קירכען=אַמט א מענשען, וועגען וועלכען עס איז בעוויזען געוואָרען אז ער איז ניט ווערטה דיעזען אַמט.

pos'tulatory *a.* (פּאַס'-טשו-ליי-טאָ-רי) וואס ווערט אנגענומען אָהן א בע=וויַיז; וואס נעהמט אן אָהן א בעווייז.

postula'tum *n.* (פּאַס-טיו-ליי'-טאַם) א פּאָסטולאַט. ז. ***postulate***

pos'ture *n. and v.* (פּאַס'-טשור) א לאַ=גע, א צושטאַנד; א פּאָזע, א שטעלונג; אוועקשטעלען; ברייגנען אין א געוויסער לאַגע; אננעהמען א פּאָזע; פּאָזירען, מאַכען אן אנשטעל, אַפעקטירען; מאַכען אַקראָבאַטישע שטיק.

pos'ture-ma'ker *n.* (פּאַס'-טשור-מיי'-קער) אן אַקראָבאַט.

pos'ture-ma'king *n.* (פּאַס'-טשור-מיי'-קינג) אַקראָבאַטישע שטיק.

pos'turer *n.* (פּאַס'-טשור-ער) אן אַק=ראָבאַט.

pos'turist *n.* (פּאַס'-טשור-איסט) אן אַקראָבאַט.

post'-wag'on *n.* (פאָוסט'-הוועג'-אָן) א פּאָסט=וואָגען.

po'sy *n.* (פּאָו'-זי) א מאָטאָ; אן עפּי=גראַם; א מאָטאָ, אן אויפשריפט [אויף א רינג אדער אנדער זאַך]; א בוקעט.

po'sy-ring *n.* (פּאָו'-זי-רינג) א רינג מיט אן איינגעקריצטער מאָטאָ.

pot *n. and v.* (פּאַט) א טאָפּ; א קאַן; א קרוג; א קוואַרט; שטיין=גוט, טעפּער=וואַרע; א גרוב, א לאָך; א געוויסע גרויס פון שרייב=פּאַפּיער; א גרויסע סו=מע געלד; לעגען אין טעפּ; בעהאַלטען אין טעפּ; קאָכען אין א טאָפּ; פּלאַנצען אין א טאָפּ; מאַכען לייִמענע אדער פּאָר=צעלייענע טעפּ; דערשיסען; טרינקען, זויפען; בעטריגען, אָבנאַרען.

po'table *a. and n.* (פּאָו'-טעבל) טרינק=באַר, וואס קען געטרונקען ווערען; פליִ=סיג; עטוואס וואס קען געטרונקען ווערען; א געטראַנק.

po'tableness *n.* (פּאָו'-טעבל-נעס) טרינקבאַרקייט, דאס קענען געטרונקען ווערען.

potage' *n.* (פּאָ-טאַזש') ז. ***pottage***

potamog'raphy *n.* (פּאַט-ע-מאַג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון טייכען.

potamolog'ical *a.* (פּאַט-ע-מאָ-לאַדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער וויסענשאַפט אדער שטודיום וועגען טייִ=כען.

potamol'ogy *n.* (פּאַט-ע-מאַל'-אָ-דזשי) די וויסענשאַפט אדער שטודיום פון טייכען; אן אָבהאַנדלונג וועגען טייִ=כען.

po'tance *n.* (פּאָו'-טענס) ז. ***potence***

pot'ash *n.* (פּאַט'-עש) פּאָטאַש, קאַלי [א שטאָף וואס ווערט ערהאַלטען פון האָלץ=אַש].

potass' *n.* (פּאָ-טעס') ז. ***potash***

potas'sa *n.* (פּאָ-טעס'-אָ) ז. ***potash***

potas'sic *a.* (פּאָ-טעס'-איק) פון פּאָ=טאַש, פון קאַלי; וואס איז שייך צו קאַ=ליום [ז. ***potassium***].

potas'sium *n.* (פּאָ-טעס'-אי-אַם) קאַ=ליום [א זעהר לייכטער זילבער=ווייסער מעטאַל, איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

pota'tion *n.* (פּאָ-טיי'-שאָן) טרינקעריי, זויפעריי, פיעל=טרינקעריי; א הוליאַנקע; א געטראַנק; א טרונק בראַנפען.

pota'to *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו) א קאַרטאָ=פעל, א בולבע; די באַטאַטע [זיסער שפּאַנישער קאַרטאָפעל].

pota'to-bee'tle *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-ביע'-טל) א מין אמעריקאַנער זשוק, וואס ערנעהרט זיך פון קאַרטאָפעל און מאַכט אן פיעל שאַדען.

pota'to-blight *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-בלאַיט) א מין קאַרטאָפעל=קראַנקהייט, וואס ווערט פעראורזאַכט פון א געוויסען פּאַראַזיטישען שוועמעל.

pota'to-bug *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-באַג) ז. ***potato-beetle***

pota'to-dig'ger *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-דיג'-ער) א מאַשין צו גראָבען קאַרטאָפעל.

pota'to-disease' *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-די-זיעז') ז. ***potato-blight***

pota'to-hook *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-הוק) א האַנד=אינסטרומענט אין דער פאָרם פון א קאָטשערע צו גראָבען קאַרטאָפעל.

pota'to-mur'rain *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-מאַר'-ען) ז. ***potato-blight***

pota'to-pen *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-פּען) א הילצערן צימערעל אויף'ן דעק פון א שיף צו האַלטען קאַרטאָפעל און אנדערע גרינ=סען.

pota'to-plan'ter *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-פּלענ'-טער) אן אינסטרומענט צו זייהען קאַרטאָפעל.

pota'tor *n.* (פּאָ-טיי'-טאָר) א טרינקער, א שכור.

pota'to-rot *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-ראָט) ז. ***potato-blight***

po'tatory *a.* (פּאָו'-טיי-טאָ-רי) וואס ווערט געטרונקען.

pota'to-scoop *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-סקוהפּ) א זיפּ=פערמיגער שופעל צו נעהמען פון דער ערד אויסגעגראָבענע קאַרטאָפעל [די ערד פאַלט אַרויס דורך דער זיפּ און די קאַרטאָפעל בלייבען אין שופעל].

pota'to-spir'it *n.* (פּאָ-טיי'-טאָו-ספּיר'-איט) קאַרטאָפעל=שנאַפּס [שנאַפּס וואס ווערט געטריבען פון קאַרטאָפעל].

pot'-bel'lied *a.* (פּאַט'-בעל'-איד) גראָב=בייכיג, פּוזאַטע.

pot'-bel'ly *n.* (פּאַט'-בעל'-אי) א גראָ=בער בויך, א פּוזע.

pot'-boi'ler *n.* (פּאַט'-באָי'-לער) א קינסטלערישע אדער ליטעראַרישע אַר=בייט וואס ווערט געטהאָן בלויז צוליעב פּרנסה.

pot'-boi'ling *n.* (פּאַט'-באָי'-לינג) דאס טהאָן א קינסטלערישע אדער ליטעראַרי=שע אַרבייט בלויז צוליעב פּרנסה.

pot'-boy *n.* (פּאַט'-באָי) א יונג אין א שענק.

potch *v.* (פּאַטש) דורכבויערען, דורכ=שטעכען, דורכלעכערען; אין פּאַפּיער=פּאַבריקאַציאָן — בלייכען פּאַפּיער מיט גאַן דורך אזא בלייכונגס=מאַשין.

pot'-cheese *n.* (פּאַט'-טשיעס) צוואַרף.

potch'er *n.* (פּאַטש'-ער) ז. ***potching-machine***

potch'er-en'gine *n.* (פּאַטש'-ער-ענ'-דזשין) ז. ***potching-machine***

potch'ing-machine' *n.* (פּאַטש'-אינג-מע-שין') אין פּאַפּיער=פּאַבריקאַציאָן — א מאַשין צו וואַשען און בלייכען פּאַפּיער.

pot'-claw *n.* (פּאַט'-קלאָה) א קרוק איבער אן אויווען אויפצוהענגען א טאָפּ אדער קעסעל.

pot'-clep *n.* (פּאַט'-קלעפּ) ז. ***pot-claw***

pot'-compan'ion *n.* (פּאַט'-קאָם-פּענ'-יאָן) א טרינק=ברודער, א מיט=טרינקער.

pot'-con'vert *n.* (פּאַט'-קאָנ'-וואַירט) איינער וואס שמד'ט זיך [אין קאַטוילי=שען גלויבען] צוליעב א גוטען מאָהל=צייט.

poteen′ *n.* (פא-טיען′) אירלענדישער בראנפען.

po′tence *n.* (פאו′-טענס) מאכט, כח; ווירקזאמקייט; א קרייץ אין דער פארם פון א גרויסען בוכשטאב *T* אויף א וואפען אדער שילד; דער טייל פון א טאשען=זייגער וואו די צאפען=שטיינדלעך פאר'ן צילינדער אדער פאר דעם באלאנס=רעדעל זיינען אריינגעזעצט.

po′tency *n.* (פאו′-טענ-סי) מאכט, כח; ווירקזאמקייט; ענטוויקלונגס=מעגליכקייט.

po′tent *a.* (פאו′-טענט) מעכטיג, שטארק; ווירקזאם.

po′tentate *n.* (פאו′-טענ-טייט) א מאכט=האבער, א הערשער.

poten′tial *a. and n.* (פא-טענ′-שעל) פאטענציעל, וואס איז דא בכח [הגם ניט בפועל], וואס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט [הגם ניט אין דער ווירקליכקייט]; אין פיזיק — וואס ענטהאלט אינערליך אין זיך אבער איז ניט אין בעוועגונג [וועגען ענערגיע]; אין גראמאטיק — וואס דריקט אוים די מעגליכקייט; עטוואס וואס איז מעגליך; א מעגליכקייט; א פאטענציאל [אין מעכאניק — די ארבייט וואס וואלט פערברויכט ווערען פון אריבערצוטראגען אלע פונקטען פון א סיסטעם פון דער אונענדליכקייט צו זייער ווירקליכער פאזיציאן אין וועלכער זיי געפינען זיך]; אין עלעקטריציטעט — די כאראקטעריסטיק פון א פונקט אין אן עלעקטריזירטען קערפער אדער רוים, וועלכע ווערט בעצייכענט דורך דער ארבייט וואס דארף פערברויכט ווערען צו בריינגען צו איהם [צום פונקט] אן איינהייט פון פאזיטיווער עלעקטריציטעט פון דער אונענדליכקייט; דער עלעקטריזירונגס=גראד אין בעצוג צו אן אנגעגעבענער מאס אדער מאסשטאב [ווי פון דער ערד, למשל]; אין גראמאטיק — די פאטענציעלע פארם, די מעגליכקייטס=פארם.

poten′tial be′ing (פא-טענ′-שעל בי′-אינג) פאטענציעלע עקזיסטענץ [דאס וואס עקזיסטירט בכח אבער נאך ניט בפועל].

poten′tial en′ergy (פא-טענ′-שעל ענ′-ער-דזשי) פאטענציעלע ענערגיע [די אינערליכע ענערגיע, וועלכע איז נאך ניט ארוים מכח אל הפועל].

poten′tial exis′tence (פא-טענ′-שעל עג-זיס′-טענס) פאטענציעלע עקזיסטענץ, דאס עקזיסטירען בכח אבער ניט בפועל.

potential′ity *n.* (פא-טענ-שי-על′-אי-טי) דאס זיין אין א פאטענציעלען צושטאנד, דאס זיין בכח; דאס בעזיצען די אינערליכע מעגליכקייט צו זיין ווירקזאם אדער צו עקזיסטירען; מעגליכקייט; ווירקונגס=פעהיגקייט.

poten′tialize *v.* (פא-טענ′-שעל-איז) מאכען פאטענציעל, מאכען עס זאל זיין בכח אבער ניט בפועל, פערוואנדלען אין א פאטענציעלער פארם [וועגען ענערגיע]. ז. *potential*.

poten′tially *adv.* (פא-טענ′-שעל-אי) זייענדיג אין א פאטענציעלען צושטאנד; בכח אבער ניט בפועל, בעזיצענדיג די אינערליכע מעגליכקייט.

poten′tial mood (פא-טענ′-שעל מוהד) די פארם פון א צייטווארט, וואס בעצייכענט די מעגליכקייט פון א האנדלונג. The expressions "I may go" and "He can write" are in the **potential mood**.

poten′tiary *n.* (פא-טענ′-שי-ע-רי) א מאכט=האבער; איינער וואס האט מאכט אדער איינפלוס.

poten′tiate *v.* (פא-טענ′-שי-אייט) געבען מאכט אדער קראפט.

potentia′tion *n.* (פא-טענ-שי-איי′-שאן) דאס האבען די קראפט; צוגעפאסטקייט צו געוויסע ארבייט, אויפגאבען אדער ציעלען.

po′tently *adv.* (פאו′-טענט-לי) מעכטיג, שטארק; ווירקזאם; זעהר, ענטשיעדען.

po′tentness *n.* (פאו′-טענט-נעס) מעכטיגקייט, מאכט; ווירקזאמקייט.

pot′-fish *n.* (פאט′-פיש) דער פאטוואלפיש אדער קאשעלאט [אזא וואלפיש].

pot′-fish′er *n.* (פאט′-פיש′-ער) א פישער וואס כאפט פיש האלטענדיג זיך אויף'ן וואסער מיט דער הילף פון א ליימענער כלי; א פישער אדער יעגער וואס רעכענט זיך ניט מיט די רעגולאציאנען און מיט דער עטהיק פון פיש=פאנג און יאגד.

pot′-fish′erman *n.* (פאט′-פיש′-ער-מען) איינער וואס כאפט פיש האלטענדיג זיך אויף'ן וואסער מיט דער הילף פון א ליימענער כלי.

pot′ful *n.* (פאט′-פול) א טאפ פול, אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין א טאפ אדער אין א קאן.

pot′-hang′er *n.* (פאט′-הענג′-ער) ז. *pothook*.

pot′-hat *n.* (פאט′-העט) אזא רונדער שטייפער פילץ=הוט.

pot′head *n.* (פאט′-העד) א דומקאפ, א נאר.

potheen′ *n.* (פא-טהיען′) ז. *poteen*.

poth′er *n. and v.* (פאטה′-ער) א גערודער, א לארם, א טומעל; מאכען א גערודער, א לארם אדער טומעל; קוועלען, דאקוטשען.

pot′-herb *n.* (פאט′-אוירב) קיך=גרינס, געמיזען.

pot′-hole *n.* (פאט′-האול) אן אויסהוילונג אין א פעלז, וואו שטיינער דרעהען זיך דורך דער קראפט פון א וואסער=שטראם.

pot′hook *n.* (פאט′-הוק) א טאפ=הענגער, א קעסעל=הענגער [א האקען, אויף וועלכען מען הענגט אויף טעפ אדער קעסלען]; א האקען אראבצונעהמען די הייסע דעקלעך אדער טעפ פון אן אויווען; פערדרעהטע שטריכען ביים לערנען זיך שרייבען; א געקריצעל, א געפאטשקעטע שריפט, "קאטשערעס מיט לאפעטעס".

pot′hooks and hang′ers (פאט′-הוקס ענד הענג′-ערז) "קאטשערעס מיט לאפעטעס", א שלעכטע שריפט, א פאטשקעריי.

pot′-house *n.* (פאט′-האוס) א ביער=הויז, א שענק.

pot′-house politi′cian (פאט′-האוס פאל-אי-טיש′-ען) א שענק=פאליטיקער, א פערדארבענער, אונפעראנטווארטליכער קליינליכער פאליטיקאן.

precondi'tion *n.* (פרי-קאנ-דיש'-אן) א פרעלימינארע בעדינגונג, א פארבעדינגונג, א בעדינגונג, וועלכע פאדערט זיך צו אלער ערשט.

preconfor'mity *n.* (פרי-קאנ-פאהר'-מי-טי) א פון פריהער=דערגרייכטער הסכם, איינינגקייט אדער הארמאניע.

preconsent' *n.* (פרי-קאנ-סענט') א הסכמה וואס איז דערגרייכט געווארען פון פריהער.

preconsign' *v.* (פרי-קאנ-סאין') לכתחלה בעאויפטראגען איינעם; לכתחלה איבערגעבען עפעס צו איינעם.

precon'stitute *v.* (פרי-קאנ'-סטי-טיוט) בעשטימען אדער פעסטשטעלען עפעס פון פריהער.

precon'tract *n.* (פרי-קאנ'-טרעקט) א פריהערדיגער קאנטראקט; א פריהערדיגער הייראטס=אבמאך.

precontract' *v.* (פרי-קאנ-טרעקט') פריהער אבמאכען; פריהער פערקנס'ען; בינדען מיט א פריהערדיגען קאנטראקט אדער אבמאך.

precontrac'tor *n.* (פרי-קאנ-טרעק'-טאר) איינער אדער איינע, וואס האט פון פריהער געשלאסען אן אבמאך.

precontrive' *v.* (פרי-קאנ-טראיוו') פלאנעווען פון פריהער.

precor'dial *a.* (פרי-קאהר'-די-על) וואס ליעגט אין'ם פאדערטייל פון'ם הארץ.

precur'ser *n.* (פרי-קויר'-סער)
ז. *precursor*

precur'sive *a.* (פרי-קויר'-סיוו) וואס לויפט פארוים, ווי א הערא'לד אדער שליח; פארויסזאגענד, אנזאגענד.

precur'sor *n.* (פרי-קויר'-סאר) א פאר=לויפער, א שליח וואס לויפט פארוים;

עפעס וואס קומט פאר פאר א געוויסער פאסירונג און דיענט אלס אנזאגער פון איהר.

precur'sory *a.* (פרי-קויר'-סא-רי) פארויסגעהענד, פארויסלויפענד [ווי א העראלד אדער שליח]: פארויסזאגענד, אנזאגענד.

preda'cean *n.* (פרי-דיי'-סי-ען) א רויב-טהיער.

preda'ceous *a.* (פרי-דיי'-שיאס) וואס לעבט פון רויב; וואס געהערט צו רויב-חיות.

pre'dal *a.* (פרי'-דעל) רויבענד, רויבעריש.

predate' *v.* (פרי-דייט') אויפשרייבען א פריהעריגע דאטע; פארקומען אין א פריהעריגער דאטע.

preda'tion *n.* (פרי-דיי'-שאן) דאס רויבען; רויב; גזלנות.

pred'atorily *adv.* (פרעד'-ע-טא-רי-לי) בערויבענדיג; אויף א רויבערישען שטייגער.

pred'atoriness *n.* (פרעד'-ע-טא-רי-נעס) דאס זיין רויבעריש; די נייגונג צו רויבען אדער פלינדערען.

pred'atory *a.* (פרעד'-ע-טא-רי) רויבעריש; וואס לעבט פון רויב.

predecease' *v. and n.* (פרי-די-סיעס') שטארבען פריהער פון אן אנדערען; דאס פריהערע שטארבען.

predeces'sive *a.* (פרי-די-סעס'-איוו) פארויסגעהענד; וואס קומט פריהער.

predeces'sor *n.* (פרי-די-סעס'-אר) א פארגענגער; איינער וואס האט פריהער געהאט דעם אמט.

predeclare' *v.* (פרי-די-קלעהר') פארויסזאגען; ערקלערען אין פארויס.

prededica'tion *n.* (פרי-דעד-אי-קיי'-שאן) א פריהעריגע ווידמונג; דאס ווידמען עפעס צו איינעם נאך פון פריהער.

predefine' *v.* (פרי-די-פאין') פארויס בעשטימען.

predefini'tion *n.* (פרי-דעפ-אי-ניש'-אן) די פארויס-בעשטימונג; דאס בעשטימען עפעס פון פריהער.

predelibera'tion *n.* (פרי-די-ליב-ע-ריי'-שאן) דאס איבערדענקען אדער דער ישוב-הדעת נאך פון פריהער.

predelinea'tion *n.* (פרי-די-לינ-אי-איי'-שאן) די ערשטע סקיצירונג; דאס אנווארפען א צייכנונג פון פריהער.

predesign' *v.* (פרי-די-זאין') פון פריהער בעשטימען אדער בעצייכנען.

predes'ignate *a. and v.* (פרי-דעס'-איג-נייט) אין לאגיק — וואס דריקט דייטליך אוים די קוואנטיטעט פון סוביעקט אדער פון געגענשטאנד, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין זאץ [ווי למשל, דאס ווארט "אלע" אין דעם זאץ "אלע מענשען זיינען שטערבליך"]; וואס איז פארויס בעשטימט געווארען; פארויס בעשטימען.

predesigna'tion *n.* (פרי-דעס-איג-ניי'-שאן) אין לאגיק — דאס ווארט וואס בעצייכענט די קוואנטיטעט פון הויפט-געגענשטאנד אדער סוביעקט אין א זאץ [ווי די ווערטער "אלע", "יעדער", "קיינער ניט" א. ז. וו.]; דאס בעשטימען די קוואנטיטעט פון סוביעקט [אין א לאגישען זאץ].

predes'ignatory *a.* (פרי-דעס'-איג-ניי-טא-רי) אין לאגיק — וואס בעשטימט די לאגישע קוואנטיטעט אין א זאץ. ז. *predesignation*.

predestina'rian *n. and a.* (פרי-דעס-טי-ניי'-רי-ען) איינער וואס גלויבט אין פרעדעסטינאציאן אדער פארויס-בעשטימונג; וואס איז שייך צו פרעדעסטינאציאן. ז. *predestination*.

predestina'rianism *n.* (פרי-דעס-טי-ניי'-רי-ען-איזם) דער גלויבען, אז אלץ איז פארויס בעשטימט פון דער געטליכער השגחה און עס איז אויך פון אנפאנג אן בעשטימט ווער עס וועט קומען אין גן-עדן און ווער עס וועט ליידען אייביגע יסורים אין גיהנם.

predes'tinate *v., a. and n.* (פרי-דעס'-טי-נייט) פארויס בעשטימען; פארויס בעשטימט; איינער וואס איז פארויס בעשטימט צו עפעס.

predestina'tion *n.* (פרי-דעס-טי-ניי'-שאן) פרעדעסטינאציאן, פארויס-בעשטימונג [די לעהרע, אז אלץ וואס עס קומט פאר, איז פארויס בעשטימט פון דער געטליכער השגחה און אז עס איז אויך פארויס בעשטימט וועגען יעדען איינעם צו זיין גליקזעליג אין גן-עדן אדער ליידען יסורים אין גיהנם].

predes'tinative *a.* (פרי-דעס'-טי-ניי-טיוו) פארויס-בעשטימענד.

predes'tinatively *adv.* (פרי-דעס'-טי-ניי-טיוו-לי) דורך פרעדעסטינאציאן אדער פארויס-בעשטימונג. ז. *predestination*.

predes'tinator *n.* (פרי-דעס'-טי-ניי-טאר) דער וואס בעשטימט פארויס; דער וואס גלויבט, אז אלעס איז בעשטימט לכתחלה פון דער געטליכער השגחה.

predes'tine *v.* (פרי-דעס'-טין) פארויס בעשטימען.

predeter'minable *a.* (פרי-די-טויר'-מי-נעבל) וואס קען פארויס בעשטימט ווערען.

predeter'minate *a.* (פרי-די-טויר'-מי-נייט) פארויס-בעשטימט.

predetermina'tion *n.* (פרי-די-טויר-מי-ניי'-שאן) די פארויס-בעשטימונג; דאס זיין בעשטימט פון פריהער.

predeter'mine *v.* (פרי-די-טויר'-מין) פארויס בעשטימען.

predeter'minism *n.* (פרי-די-טויר'-מי-ניזם) ז. *determinism*.

predevote' *a.* (פרי-די-וואוט') פארויס בעשטימט.

pre'dial *a. and n.* (פרי'-די-על) וואס בעשטעהט פון לאנד-גיטער; וואס איז צוגעבונדען צו א לאנד-גוט [ווי א לייב-אייגענער אדער פאנשטשיזניק]; וואס בעקומט זיך פון א לאנד-גוט [ווי מעשר, תרומה א. ד. ג.]; א לאנד-שקלאף, א פאנשטשיזניק.

pre'dial estate' (פרי-די-על עס-טייט') א לאנד-גוט.

pre'dial tithes (פרי'-די-על טאיטהס) מעשר, דאס צעהנטעל פון די פרוכטען פון דער ערד.

predicabil'ity *n.* (פרעד-אי-קע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוגעשריבען ווערען צו עפעס אלס אייגענשאפט; דאס קענען דיענען אלס פרעדיקאט. ז. *predicate*.

pred'icable *a. and n.* (פרעד'-אי-קעבל) וואס קען געזאגט ווערען וועגען עפעס; וואס קען צוגעשריבען ווערען; אן אטריבוט, א צוגעשריבענע אייגענשאפט.

predic'ament *n.* (פרי-דיק'-ע-מענט) א צושטאנד, א לאגע; אן אונאנגענעהמע לאגע, א פערלעגענהייט; א קאטעגאריע, א קלאס אדער מין וואס כאראקטעריזירט זיך מיט בעשטימטע סמנים; אין לאגיק — אן אטריבוט, א צוגעשריבענע אייגענשאפט.

predicamen'tal *a.* (פרי-דיק-ע-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו א קאטעגאריע אדער אטריבוט. ז. *predicament*.

pred'icant *n. and a.* (פרעד'-אי-קענט) איינער וואס בעהויפטעט עפעס; א פרעדיגער; בעהויפטענד; פרעדיגענד.

pred'icate *v., a. and n.* (פרעד'-אי-קייט) בעהויפטען; צוגעבען אדער צושרייבען אלס אן אייגענשאפט אדער כאראקטעריסטיק; בעגרינדען; פערזיכערען אויף'ן גרונד פון געוויסע פאקטען; וואס ווערט בעהויפטעט אדער געזאגט וועגען א זאך; אין גראמאטיק — דער פרעדיקאט, דאס ווארט אדער די ווערטער אין א זאץ, וועלכע דריקען אוים דאס, וואס ווערט בעהויפטעט וועגען סוביעקט [דער הויפט-געגענשטאנד, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין זאץ].

predica'tion *n.* (פרעד-אי-קיי'-שאן) א בעהויפטונג אדער ערקלערונג; דאס בעהויפטען עפעס וועגען איינעם.

pred'icative *a.* (פרעד'-אי-קיי-טיוו) בעהויפטענד; וואס איז שייך צום פרעדיקאט. ז. *predicate*.

pred'icatively *adv.* (פרעד'-אי-קיי-טיוו-לי) אלס פרעדיקאט.

pred'icatory *a.* (פרעד'-אי-קיי-טא-רי) בעהויפטענד; זאגענד וועגען עפעס.

predict' *v.* (פרי-דיקט') פארויסזאגען, פראפעצייען, זאגען נביאות.

predic'table *a.* (פרי-דיק'-טעבל) וואס קען פארויסגעזאגט ווערען; וואס מען קען פראפעצייען.

predic'tion *n.* (פרי-דיק'-שאן) פארויסזאגונג, פראפעצייאונג; נביאות.

predic'tional *a.* (פרי-דיק'-שאנ-על) ז. *predictive*.

predic'tive *a.* (פרי-דיק'-טיוו) פארויסזאגענד; פראפעצייענד; פראפעטיש.

predic'tively *adv.* (פרי-דיק'-טיוו-לי) פראפעצייענדיג, בדרך נבואה.

predic'tor *n.* (פרי-דיק'-טאר) א פארויסזאגער, א פראפעצייער, א נביא.

predigest' *v.* (פרי-די-דזשעסט') פערדייען אדער איבערקאכען שפייז דורך קינסטליכע מיטלען איידער מען עסט זי.

prediges'tion *n.* (פרי-די-דזשעס'-טשאן) דאס צו-גיכע פערדייען; דאס פערדייען שפייז דורך קינסטליכע מיטלען איידער מען עסט זי.

predilect' *v.* (פרי-די-לעקט') האבען א פאר-ליעבע, א שטארקערע נייגונג אדער א גרעסערע סימפאטיע צו איין זאך מעהר איידער צו די אנדערע.

predilec'tion *n.* (פרי-די-לעק'-שאן) א פארליעבע, א שטארקערע נייגונג אדער א בעזונדערע ליעבע צו איין זאך מעהר איידער צו די אנדערע.

prediscov'er *v.* (פרי-דיס-קאוו'-ער) ענטדעקען פריהער; פארויסזעהן.

prediscov'ery *n.* (פרי-דיס-קאוו'-ער-אי) די פריהעריגע ענטדעקונג; אן ענטדעקונג פון פריהער.

predispo'nency *n.* (פרי-דיס-פאו'-נענ-סי) ז. *predisposition*.

predispo'nent *a. and n.* (פרי-דיס-פאו'-נענט) וואס בעשאפט אן אנלאגע אדער נייגונג צו עפעס; די אורזאכע וואס רופט ארויס א נייגונג אדער אנלאגע צו עפעס [ווי צו א געוויסער קראנקהייט].

predispose' *v.* (פרי-דיס-פאוז') פרעדיספאנירען, בעשאפען אדער ארויסרופען אן אנלאגע אדער נייגונג צו עפעס [ווי צו א געוויסער קראנקהייט].

predispo'sing *a.* (פרי-דיס-פאו'-זינג) וואס רופט ארויס אן אנלאגע צו עפּעס.

predisposi'tion *n.* (פרי-דיס-פא-זיש'-אן) די פרעדיספאזיציאן, א פארנייגונג צו עפּעס; אין מעדיצין — אן אנלאגע צו א געוויסער קראנקהייט.

predisposi'tional *a.* (פרי-דיס-פא-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א פארנייגונג אדער אנלאגע צו עפּעס.

predom'inance *n.* (פרי-דאמ'-אי-נענס) אן איבערוועלטיגונג; אן אויבערהאנד; אן אויבערמאכט; אן איבערגעוויכט.

predom'inancy *n.* (פרי-דאמ'-אי-נענ-סי) ז. *predominance*.

predom'inant *a.* (פרי-דאמ'-אי-נענט) הערשענד; איבערוועגענד; וואס האט די אויבערהאנד אדער אויבערמאכט.

predom'inantly *adv.* (פרי-דאמ'-אי-נענט-לי) מיט אן איבערוועגענדער מאכט.

predom'inate *v. and a.* (פרי-דאמ'-אי-נייט) האבען די אויבערהאנד אדער איבערגעוויכט איבער עפּעס; הערשען; געוועלטיגען; איבערוועגענד; בעהערשענד.

predom'inatingly *a.* (פרי-דאמ'-אי-ניי-טינג-לי) ז. *predominantly*.

predomina'tion *n.* (פרי-דאמ-אי-ניי'-שאן) דאס האבען די אויבערהאנד איבער עפּעס; דאס געוועלטיגען מיט אן אויבערמאכט.

predoom' *v.* (פרי-דוהם') אין פארויס פעראורטיילען; פארויס בעשטימען.

preelect' *v.* (פרי-אי-לעקט') אויסוועהלען אדער אויסקלייבען אין פארויס.

preelec'tion *n.* (פרי-אי-לעק'-שאן) א וואהל, וועלכע איז געמאכט געווארען אין פארויס.

preem'inence *n.* (פרי-עמ'-אי-נענס) פארטייל, פארצוג; דאס שטעהן העכער אין ראנג; איבערמאכט, איבערגעוויכט.

preem'inency *n.* (פרי-עמ'-אי-נענ-סי) ז. *preeminence*.

preem'inent *a.* (פרי-עמ'-אי-נענט) העכער, גרעסער, וויכטיגער אדער בעדייטענדער פון וועמען עס איז; העכסט, איבערטרעפענד.

preem'inently *adv.* (פרי-עמ'-אי-נענט-לי) אין העכסטען גראד, איבער אלע מאסען.

preemploy' *v.* (פרי-עמ-פלאי') נעהמען פריהער אימעצען אין דיענסט; געבען איינעם בעשעפטיגונג פריהער ווי אן אנדערען.

preempt' *v.* (פרי-עמפט') בעקומען דאס רעכט אבצוקויפען ניט בעארבייטע אדער ניט בעבויטע קהל'שע ערד פריהער פאר אנדערע [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; בעקומען קהל'שע ערד לויט פארקויף-רעכט [דאס רעכט צו קויפען פריהער אלס אן אנדערער].

preemp'tion *n.* (פרי-עמפ'-שאן) פארקויף [דאס רעכט צו קויפען פריהער אלס אן אנדערער].

preemp'tive *a.* (פרי-עמפ'-טיוו) וואס האט דאס רעכט צו קויפען פריהער אלס אנדערע, וואס איז שייך צו פארקויף-רעכט.

preemp'tor *n.* (פרי-עמפ'-טאר) איינער וואס האט א רעכט אבצוקויפען אונבעארבייטע אדער אונבעבויטע קהל'שע ערד פריהער פאר אנדערע.

preen *v. and n.* (פריען) פוצען די פעדערען [ווי די פויגלען טהוען עס מיט'ן שנאבעל]; ארומפוצען אדער ארומשניידען די צווייגען פון א בוים; אזא אינסטרומענט ארומצוגלייכען אדער ארומצופוצען געוואנד.

preengage' *v.* (פרי-ען-גיידזש') 1. פריהער אדער אין פארויס אנגאזשירען; פריהער אדער אין פארויס בעשטעלען; פריהער אדער אין פארויס זיך פערבינדען אדער פערפליכטען; 2. פריהער פערנעהמען אדער צוציהען.

2. My friend **preengaged** his attention.

preengage'ment *n.* (פרי-ען-גיידזש'-מענט) 1. א פריהערע פערבינדליכקייט אדער פערפליכטונג; א פריהערדיגער קאנטראקט; א פריהערדיגע בעשטעלונג; 2. א פריהריגע נייגונג, א פארנייגונג.

1. The **preengagement** of the teacher was unknown to the principal of the school.

preerect' *v.* (פרי-אי-רעקט') ז. *preestablish*.

preestab'lish *v.* (פרי-עס-טעב'-ליש) פריהער פעסטשטעלען, פריהער איינפיהרען, אין פארויס איינארדנען.

preestab'lishment *n.* (פרי-עס-טעב'-ליש-מענט) א פאר-איינריכטונג; א פריהערע פעסטזעצונג אדער איינארדנונג.

prees'tival *a.* (פרי-עס'-טי-וועל) וואס קומט פאר דעם מיטען זומער.

Some birds are distinguished for their beautiful **preestival** plumage.

preexamina'tion *n.* (פרי-עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) די פריהערדיגע אויספארשונג; א פארויס-פרופונג.

preexam'ine *v.* (פרי-עג-זעמ'-אין) פריהער אונטערזוכען; פריהער אויספארשען; פארויס פרואווען.

preexist' *v.* (פרי-עג-זיסט') פריהער עקזיסטירען, פריהער פארהאנדען זיין; עקזיסטירען אין א פריהערדיגען צושטאנד.

preexis'tence *n.* (פרי-עג-זיס'-טענס) דאס עקזיסטירען פריהער [אלס עטוואס אנדערעס]; דאס עקזיסטירען אין א פריהערדיגען צושטאנד; פרעעקזיסטענץ, די עקזיסטענץ פון דער נשמה איידער זי האט זיך בעהעפט מיט'ן גוף [לויט דער פילאזאפיע פון פלאטאן].

preexis'tencist *n.* (פרי-עג-זיס'-טענ-סיסט) איינער וואס גלויבט אין פרעעקזיסטענץ. ז. *preexistence*.

preexis'tent *a.* (פרי-עג-זיס'-טענט) וואס עקזיסטירט פריהער, וואס איז פאראן פון פריהער.

preexpecta'tion *n.* (פרי-עקס-פעק-טיי'-שאן) א פריהערדיגע ערווארטונג, ערווארטונג אין פארויס.

pref'ace *n. and v.* (פרעפ'-עס) אן איינלייטונג, א פאררעדע, א הקדמה; שרייבען א פאררעדע, מאכען א הקדמה, איינלייטען.

pref'acer *n.* (פרעפ'-עס-ער) אן איינלייטער; א שרייבער פון א הקדמה, א פערפאסער פון א פאררעדע.

prefac'tor *n.* (פרי-פעק'-טאר) די ערשטע פון די צוויי צאהלען, וועלכע ווערען גע'כפל'ט.

prefato'rial *a.* (פרעפ-ע-טאו'-רי-על) איינלייטענד; וואס דיענט אלס א פאררעדע אדער הקדמה.

pref'atorily *adv.* (פרעפ'-ע-טא-רי-לי) אלס א פאררעדע אדער הקדמה; דורך אן איינלייטונג.

pref'atory *a.* (פרעפ'-ע-טא-רי) איינלייטענד; וואס איז שייך צו אדער וואס דיענט אלס א פאררעדע אדער הקדמה.

pre'fect *n.* (פרי'-פעקט) א פרעטאר, א פערוואלטער, אן אדמיניסטראטאר אין אלטען רוים; א פרעפעקט, א הויפט פון א רעגיערונגס-דעפּארטאמענט אין פראנקרייך.

prefec'toral *a.* (פרי-פעק'-טא-רעל) וואס איז שייך צו א פרעפעקט, דעם פרעפעקט'ס. ז. *prefect*.

prefecto'rial *a.* (פרי-פעק-טאו'-רי-על) ז. *prefectoral*.

pre'fectship *n.* (פרי'-פעקט-שיפּ) ז. *prefecture*.

pre'fecture *n.* (פרי'-פעק-טשור) דאס אמט פון א פרעפעקט, דאס רעכט אדער מאכט פון א פרעפעקט; דער אמטס-געביעט פון א פרעפעקט; די פרעפעקטור, די קאנצעלאריע אדער אמטס-הויז פון א פרעפעקט. ז. *prefect*.

prefer' *v.* (פרי-פויר') 1. פארציהען, געבען דעם פארצוג [יתרון]; העכער שעצען; האלטען פאר בילכער; 2. פארלעגען, פארברייגנען; 3. דערהויבען צו א העכערען ראנג, אמט, טיטול א. ד. ג.

1. He **prefers** starving to working.

preferabil'ity *n.* (פרעפ-אויר-ע-ביל'-אי-טי) דאס זיין בעפארצוגט, דאס זיין בילכער, דאס זיין ווינשענסווערטהער.

pref'erable *a. and n.* (פרעפ'-אויר-עבל) ווינשענסווערטהער, וואס פערדיענט א פארצוג, בילכער, בעסער אלס...; עטוואס וואס איז בעסער אדער מעהר ווינשענסווערטה.

pref'erableness *n.* (פרעפ'-אויר-עבל-נעס) ז. *preferability*.

pref'erably *adv.* (פרעפ'-אויר-ע-בלי) פארצוגסווייזע; ווינשענסווערטהער, בעסער, בילכער אדער ליעבער אלס...

pref'erence *n.* (פרעפ'-אויר-ענס) א פארצוג [יתרון]; בילכערקייט.

pref'erence shares (פרעפ'-אויר-ענס שעהרז) ז. *preferred stock*.

preferen'tial *a.* (פרעפ-ע-רענ'-שעל) פארבערעכטיגט, וואס האט דעם פארצוג, פריווילעגירט, בילכער.

preferen'tially *adv.* (פרעפ-ע-רענ'-שעל-אי) דורך א פארצוג; בילכער; זייענדיג פארבערעכטיגט.

preferen'tial un'ion shop (פרעפ-ע-רענ'-שעל יונ'-יאן שאפּ) א פאבריק אדער ווערקשטאט וואו ארבייטער, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין יוניאנס [פראפעסיאנעלע פעראיינען אדער געווערקשאפטען] זיינען בילכער ווי די וואס געהערען ניט צו דער יוניאן [ד. ה. אז ביי גלייכע געשיקטקייט און קענטניסע אין דער ארבייט דארף געגעבען ווערען דער פארצוג צו די ארבייטער וואס זיינען מיטגליעדער פון דער יוניאן איבער די וועלכע זיינען ניט קיין מיטגליעדער].

prefer'ment *n.* (פרי-פויר'-מענט) דאס העכער שעצען, דאס זיין העכער געשעצט; די דערהויבונג צו אן אמט; די דערהויבונג צו א העכערען אמט אדער ראנג; א העכערער אמט [בעזאנדערס אין א קירך].

preferred' stock (פרי-פוירד' סטאק) פריאריטעטס-אקציעס, אקציעס אויף וועלכע עס דארף אויסגעצאהלט ווערען דיווידענד פריהער ווי אויף די אנדערע, וועלכע רופען זיך געוועהנליכע אקציעס [די איינגענטימער פון פריאריטעטס-אקציעס האבען גיט קיין דעה אין דער פערוואלטונג פון געשעפט].

prefer'rer *n.* (פרי-פויר'-ער) איינער וואס ציהט עפּעס פאר; איינער וואס גיט דעם פארצוג [יתרון] צו איינעם אדער צו עפּעס.

préfet' *n.* (פריי-פיי') [א פרעפעקט] א

העכערער בעאמטער אין פראנקרייך, וואס האט צו זאגן איבער א דעפארטאמענט אדער פראווינץ].

prefigura'tion *n.* (פרי-פיג-יו-ריי'-שאן) דאס פארשטעלען אדער פארויסזאגען דורך פריהערדיגע צייכענס; א פארבילד, א סימבאלישע פארשטעלונג.

prefig'urative *a.* (פרי-פיג'-יו-ריי-טיוו) וואס שטעלט פאר אדער זאגט פארויס דורך פריהערדיגע צייכענס; וואס דיענט אלס פארבילד.

prefig'ure *v.* (פרי-פיג'-יור) פארשטעלען בילדליך וואס עס וועט זיין; פארשטעלען אדער פארויסזאגען דורך פריהערדיגע צייכענס; נביאות זאגען.

prefig'urement *n.* (פרי-פיג'-יור-מענט) דאס פארשטעלען אדער פארויסזאגען דורך פריהערדיגע צייכענס אדער בילדער; נביאות.

prefix' *v.* (פרי-פיקס') צוגעבען פון פארענט, שטעלען אין אנהויב; פריהער פעסטשטעלען אדער בעשטימען.

pre'fix *n.* (פרי'-פיקס) א פרעפיקס, א פארזילבע [א זילבע וואס ווערט געשטעלט אין אנהויב ווארט, צ. ב. אין'ם ווארט "צושטעלען" איז צו דער פרעפיקס]; דאס שטעלען א פרעפיקס.

pre'fixal *a.* (פרי'-פיק-סעל) וואס האט דעם כאראקטער פון א פרעפיקס. ז. *prefix*.

prefix'ion *n.* (פרי-פיק'-שאן) דאס צוגעבען פון אנהויב, דאס שטעלען א פרעפיקס. ז. *prefix*.

prefix'ture *n.* (פרי-פיקס'-טשור) ז. *prefixion*.

preflora'tion *n.* (פרי-פלא-ריי'-שאן) אין באטאניק — די לאגערונג פון די בלומען=בלעטלעך אין דער קנאספע.

prefolia'tion *n.* (פרי-פאו-לי-איי'-שאן) אין באטאניק — די לאגע פון די בלעטער אין דער קנאספע.

preform' *v.* (פרי-פארם') פריהער פארמירען, פריהער בעשאפען; אין ביאלאגיע — בעשטימען אין פארויס די פארם.

preforma'tion *n.* (פרי-פאר-מיי'-שאן) דאס פארמירען אדער אויסבילדען פון פריהער.

prefor'mative *n.* and *a.* (פרי-פאר'-מע-טיוו) א פארזילבע, אן אנפאנגס=בוכשטאב [א בוכשטאב אדער זילבע וואס ווערט געברויכט צום בילדען א ווארט]; וואס פארמירט פון פריהער, וואס אנטהאלט אין זיך דעם קערן פון שפעטערדיגער אויסבילדונג אדער ענטוויקלונג.

preful'gency *n.* (פרי-פאל'-דזשען-סי) א העלער גלאנץ, א גרויסע ליכטיגקייט.

pregla'cial *a.* (פרי-גליי'-שיעל) אין געאלאגיע — וואס איז פריהער פון דער אייז=פעריאדע. ז. *glacial epoch*.

preg'nable *a.* (פרעג'-נעבל) וואס קען איינגענומען ווערען, וואס קען געוואונען ווערען דורך מאכט.

preg'nance *n.* (פרעג'-נענס) ז. *pregnancy*.

preg'nancy *n.* (פרעג'-נענ-סי) טראגעדיגקייט, שוואנגערשאפט; פרוכטבארקייט; בעדייטונג, וויכטיגקייט.

preg'nant *a.* and *n.* (פרעג'-נענט) 1. טראגעדיג, שוואנגער; פרוכטבאר; בעלאדען; פול, אנגעפילט; 2. אינהאלטספול; גייסטרייך, זינרייך, וויציג; געשיקט; 3. א טראגעדיגע, א שוואנגערע.

2. The writer's every sentence is **pregnant** with great thoughts.

preg'nantly *adv.* (פרעג'-נענט-לי) טראגעדיג, שוואנגער; פרוכטבאר; פול מיט בעדייטונג; אויף א גייסטרייכען אדער וויציגען אופן.

preg'nantness *n.* (פרעג'-נענט-נעס) ז. *pregnancy*.

pregusta'tion *n.* (פרי-גאס-טיי'-שאן) א פארגעשמאק; דאס פערזוכען פריהער דעם טעם; א פארגעפיהל.

prehen'sible *a.* (פרי-הענ'-סיבל) וואס קען אנגעפאסט אדער אנגעגריפען ווערען.

prehen'sile *a.* (פרי-הענ'-סיל) צוגעפאסט צום אנכאפען, אנגרייפען אדער האלטען; וואס כאפט, גרייפט אדער האלט.

prehen'sile-tailed *a.* (פרי-הענ'-סיל-טיילד) וואס האט אן עק זיך אנצוהאלטען אדער אנצוכאפען [וועגען געוויסע חיות, ווי אן אבעזיאנע, למשל].

The monkey is a **prehensile-tailed** animal.

prehen'sion *n.* (פרי-הענ'-שאן) דאס כאפען, פאקען אדער גרייפען; דאס בעגרייפען, דאס משיג זיין.

prehen'sive *a.* (פרי-הענ'-סיוו) ז. *prehensile*.

prehen'sory *a.* (פרי-הענ'-סא-רי) ז. *prehensile*.

prehistor'ic *a.* (פרי-היס-טאר'-איק) פארהיסטאריש, פארגעשיכטליך [וואס שטאמט פון א צייט אדער איז געשעהן אין א צייט, פון וועלכער מיר האבען ניט קיין געשריבענע געשיכטע].

prehistor'ical *a.* (פרי-היס-טאר'-אי-קעל) ז. *prehistoric*.

prehis'tory *n.* (פרי-היס'-טא-רי) געשיכטע פון פאר דער צייט, פון וועלכער מיר האבען געשריבענע דאקומענטען.

prehu'man *a.* (פרי-היו'-מען) וואס איז פארגעקומען אדער האט עקזיסטירט איידער עס האט זיך אויף דער ערד ענטוויקעלט דער מין מענש.

prein'dicate *v.* (פרי-אינ'-די-קייט) פארויסזאגען.

preinstruct' *v.* (פרי-אינ-סטראקט') פון פריהער בעלעהרען, אין פארויס אונטערריכטען.

He had been **preinstructed** by men of the same spirit.

preintima'tion *n.* (פרי-אינ-טי-מיי'-שאן) א פריהערדיגע אנדייטונג.

prejudge' *v.* (פרי-דזשאדזש') אין פארויס בעשליסען; בעשליסען אהן איבערלעגונג; אין פארויס פעראורטיילען [ניט אויסהערענדיג אדער ניט אונטערזוכענדיג].

prejudge'ment *n.* (פרי-דזשאדזש'-מענט) ז. *prejudgment*.

prejudg'ment *n.* (פרי-דזשאדזש'-מענט) דאס אורטיילען אדער בעשליסען אין פארויס, דאס בעשליסען אהן איבערלעגונג; דאס פעראורטיילען אדער פער'משפט'ען אין פארויס [ניט אויסהערענדיג און ניט אונטערזוכענדיג].

preju'dical *a.* (פרי-דזשוה'-די-קעל) וואס איז שייך צום בעשטימען אדער בעשליסען א זאך אדער פאל, וואס איז פריהער ניט בעשטימט אדער ניט בעשלאסען געווארען.

preju'dicate *v.* (פרי-דזשוה'-די-קייט) פאסען אן איבעראיילטען בעשלוס; אין פארויס בעשליסען; אין פארויס פעראורטיילען אדער פער'משפט'ען [ניט אונטערזוכענדיג].

prejudica'tion *n.* (פרי-דזשוה-די-קיי'-שאן) דאס אורטיילען אין פארויס; א ניט איבערלעגטער אורטייל; אין דער אלט=רוימישער געזעצגעבונג — א פרעצעדענט, א פריהעריגער אורטייל; א פאראונטערזוכונג.

preju'dicative *a.* (פרי-דזשוה'-די-קיי-טיוו) וואס אורטיילט, ענטשיידעט אדער בעשליסט אין פארויס [ניט אונטערזוכענדיג]; וואס איז געבויט אויף א בעשלוס אדער אורטייל אהן אן אונטערזוכונג.

prej'udice *n.* and *v.* (פרעדזש'-או-דיס) א פאראורטייל; א פניה; א שאדען; איינפליסען יענעם א פאראורטייל; פעראורזאכען אדער ברענגען שאדען.

prejudi'cial *a.* (פרעדזש-או-דיש'-על) וואס איז שייך צו א פאראורטייל; מיט א פאראורטייל; וואס פעראורזאכט שאדען; שעדליך.

prejudi'cially *adv.* (פרעדזש-או-דיש'-על-אי) צום שאדען, אויף א שעדליכען אופן; מיט פאראורטייל.

prejudi'cialness *n.* (פרעדזש-או-דיש'-על-נעס) שעדליכקייט; דאס זיין געגרינדעט אויף א פאראורטייל.

preknowl'edge *n.* (פרי-נאל'-עדזש) פארקענטניסע.

prel'acy *n.* (פרעל'-ע-סי) דאס אמט אדער די ווירדע פון א פרעלאט [א בישאף, א העכערער גייסטליכער]; די קירכען=סיסטעם, וואו עס זיינען פאראן העכערע און נידריגערע גייסטליכע; דאס פרעלאטענטום, די העכערע גייסטליכקייט.

prel'ate *n.* (פרעל'-אייט) א פרעלאט [א בישאף, א העכערער גייסטליכער].

prel'ateship *n.* (פרעל'-אייט-שיפ) דאס אמט אדער די ווירדע פון א פרעלאט [א העכערער גייסטליכער]. ז. *prelate*.

prel'atess *n.* (פרעל'-אייט-עס) די פרוי פון א פרעלאט [אין א הומאריסטישען זין]; א פרוי א פרעלאט.

prelat'ic *a.* (פרי-לעט'-איק) פון די פרעלאטען, פון די העכערע גייסטליכע.

prelat'ical *a.* (פרי-לעט'-אי-קעל) ז. *prelatic*.

prelat'ically *adv.* (פרי-לעט'-אי-קעל-אי) אזוי ווי א פרעלאט, אין בעצוג צו דער העכערער גייסטליכקייט.

prel'atism *n.* (פרעל'-ע-טיזם) דאס אמט אדער ווירדע פון א פרעלאט [א בישאף, א העכערער גייסטליכער]; דאס פרעלאטען=סיסטעם אין א קירך; דאס פרעלאטענטום [ז. *prelacy*]; אנהענגערשאפט צו א פרעלאטען=סיסטעם אין א קירך.

prel'atist *n.* (פרעל'-ע-טיסט) אן אנהענגער פון פרעלאטענטום, איינער וואס האלט, אז די קריסטליכע קירך דארף רעגירט ווערען פון פרעלאטען [העכערע גייסטליכע]; אן אנהענגער פון דער עפיסקאפאלישער קירך.

prel'atize *v.* (פרעל'-עט-איז) ברייננען אונטער דעם איינפלוס פון פרעלאטען [העכערע גייסטליכע]; דאס פרעלאטענטום, די העכערע גייסטליכקייט.

prel'ature *n.* (פרעל'-ע-טשור) דאס אמט אדער די ווירדע פון א פרעלאט [העכערער גייסטליכער].

prelect' *v.* (פרי-לעקט') האלטען א פארלעזונג, געבען א לעקציע, האלטען א פארטראג.

prelec'tion *n.* (פרי-לעק'-שאן) א פארלעזונג, א לעקציע, א פארטראג.

prelec'tor *n.* (פרי-לעק'-טאר) א פארלעזער, איינער וואס האלט פארטרעגע; א לעקטאר [אין אוניווערזיטעט].

preliba'tion *n.* (פרי-לאי-ביי'-שאן) א פארגעשמאק; דאס פערזוכען דעם טעם

אין פארויס; א קרבן וואס ווערט פריהער געבראכט.

prelim'inarily *adv.* (פרי-לים'-אי-נע-רי-לי) פריהערדיג, דערווייליג, פארלויפיג; אלס אן איינלייטונג, אלס דער ערשטער שריט.

prelim'inary *a.* and *n.* (פרי-לים'-אי-נע-רי) פריהערדיג, דערווייליג, פארלויפיג; אן איינלייטונג; אן ערשטער שריט; א הכנה, א פארבערייטונג.

prelin'gual *a.* (פרי-לינ'-גהוועל) וואס איז פאר דער ענטוויקלונג פון דער שפראך; וואס איז פאר דעם ווי מען בעקומט די פעהיגקייט צו ריידען.

prelude' *v.* (פרי-ליוד') מאכען אדער שפיעלען אן איינלייטונג [צו א מוזיקאלישער פערפאסונג]; שפיעלען א פארשפיעל; פארבערייטען דעם וועג; איינפיהרען, אנהויבען.

pre'lude *n.* (פרי'-ליוד) א פארשפיעל; א הקדמה, אן איינלייטונג.

pre'luder *n.* (פרי'-ליו-דער) אן איינלייטער; איינער וואס שפיעלט א פארשפיעל אדער אן איינלייטונג.

prelu'dial *a.* (פרי-ליו'-די-על) וואס איז שייך צו אן איינלייטונג; איינלייטענד.

prelum'bar *a.* (פרי-לאמ'-בער) וואס ליעגט אין פארענט פון די לענדען.

prelu'sive *a.* (פרי-ליו'-סיוו) וואס דיענט אלס פארשפיעל; איינלייטענד; וואס איז אלס הקדמה.

prelu'sively *adv.* (פרי-ליו'-סיוו-לי) ז. *prelusorily*

prelu'sorily *adv.* (פרי-ליו'-סא-רי-לי) אלס א הקדמה; דורך אן איינלייטונג.

prelu'sory *a.* (פרי-ליו'-סא-רי) ז. *prelusive*

premani'acal *a.* (פרי-מיי-נאי'-ע-קעל) וואס איז בעפאר משוגעת.

premature' *a.* (פרי-מע-טשור') צופריה, פריהצייטיג; אונצייטיג, וואס קומט פאר דער צייט.

premature' la'bor (פרי-מע-טשור' ליי'-באר) פריהצייטיגע געבורט [דאס האבען א קינד, דאס געלעגען ווערען פאר דעם פערלויף פון ניין מאנאטען, געווענליך אין די לעצטע דריי מאנאטען פון שוואנגערשאפט, אזוי אז דאס קינד קען בלייבען לעבען].

premature'ly *adv.* (פרי-מע-טשור'-לי) צו פריה, פריהצייטיג, אונצייטיג.

premature'ness *n.* (פרי-מע-טשור'-נעס) אונצייטיגקייט, פריהצייטיגקייט.

prematu'rity *n.* (פרי-מע-טשו'-רי-טי) ז. *primatureness*

premax'illary *a.* and *n.* (פרי-מעק'-סי-לע-רי) וואס געפינט זיך אין דעם פאדערשטען טייל פון דער קינבאק; וואס איז שייך צום קינבאק־ביין; דער קינבאק־ביין.

premed'itate *v.* (פרי-מעד'-אי-טייט) פריהער זיך איבערלעגען, פריהער בעטראכטען.

premed'itated *a.* (פרי-מעד'-אי-טיי-טעד) וואס איז פריהער בעטראכט אדער איבערלעגט געווארען.

premed'itatedly *adv.* (פרי-מעד'-אי-טיי-טעד-לי) מיט איבערלעגונג, פון פריהער בעטראכט.

premed'itatedness *n.* (פרי-מעד'-אי-טיי-טעד-נעס) איבערלעגטקייט, דאס זיין פארויס געפלאנעוועט אדער דורכגעטראכט.

premed'itately *adv.* (פרי-מעד'-אי-טייט-לי) מיט איבערלעגונג, פון פריהער בעטראכט; אבזיכטליך, בכיון.

premedita'tion *n.* (פרי-מעד-אי-טיי'-שאן) דאס איבערלעגען זיך פריהער, דאס טראכטען, איבערלעגען זיך אדער פלאנעווען פארויס.

premed'itative *a.* (פרי-מעד'-אי-טיי-טיוו) וואס בעטראכט אדער איבערלעגט זיך פריהער; וואס ציינט איבערלעגונג און פארויס־בעטראכטונג.

premen'strual *a.* (פרי-מענ'-סטרו-על) וואס קומט פאר מענסטרואציע [מאנאטליכע ביי פרויען].

premerid'ian *a.* (פרי-מע-ריד'-אי-ען) וואס איז גלייך פאר מיטאג.

pre'mial *a.* (פרי'-מי-על) ז. *premiant*

pre'miant *a.* (פרי'-מי-ענט) וואס דיענט אלס פרעמיע אדער בעלוינונג.

prem'ices *n.* (פרעמ'-אי-סעז) די ערשטע פרוכט.

pre'mier *a.*, *n.* and *v.* (פרי'-מי-ער) וואס איז דאס הויפט, דאס ערשטע אדער דאס עלטסטע; דער פרעמיער, דער ערשטער מיניסטער, דער הויפט פון א מיניסטארען־קאבינעט; האלטען דאס אמט פון א פרעמיער.

première' *a.* and *n.* (פרע-מיעהר') וואס פערנעהמט דעם ערשטען פלאץ [ווענען פרויען]; די הויפט אקטריסע; די הויפט־טענצעריז [אין א באלעט]; די הויפט־מייסטעריז אין א קליידער־ווערקשטאט אדער פאבריק.

pre'miership *n.* (פרי'-מי-ער-שיפ) דאס זיין דער הויפט אדער דער ערשטער; דאס אמט פון א פרעמיער [ערשטער מיניסטער, הויפט פון א מיניסטארען־קאבינעט].

premillena'rian *a.* and *n.* (פרי-מיל-ע-ניי'-רי-ען) וואס קומט פאר'ן מילעניום; וואס איז שייך צו דער קריסטליכער לעהרע, אז יעזוס וועט צום צווייטען מאל קומען אויף דער וועלט פאר'ן מילעניום [די טויזענד יאהר פאר דעם וועלט־אונטערגאנג, אין וועלכע, לויט דעם קריסטליכען גלויבען, די וועלט וועט רעגיערט ווערען פון קריסטוס'ען און וועט זיין פול מיט גליק, גאטספארכטיגקייט און גערעכטיגקייט]; איינער וואס האלט זיך אן דער שטה, אז יעזוס וועט קומען צום צווייטען מאל אויף דער וועלט פאר דעם מילעניום.

premillena'rianism *n.* (פרי-מיל-ע-ניי'-רי-ען-איזם) די שטה, אז יעזוס וועט צום צווייטען מאל קומען אויף דער וועלט פאר'ן מילעניום. ז. *premillenarian*

premillen'nial *a.* (פרי-מי-לענ'-אי-על) וואס קומט פאר'ן מילעניום. ז. *premillennarian*

premillen'nialism *n.* (פרי-מי-לענ'-אי-על-איזם) ז. *premillenarianism*

premillen'nialist *n.* (פרי-מי-לענ'-אי-על-איסט) איינער וואס גלויבט אז יעזוס וועט ווידער אמאל קומען פאר'ן מילעניום]. ז. *premillenarian*

prem'ise *n.* (פרעמ'-אים) א פרעמיסע, א פאדערזאץ [א בעהויפטונג, אויף וועלכער עס בויט זיך א לאגישער שלוס].

premise' *v.* (פרי-מאיז') זאגען אין פארויס [אלס איינלייטונג אדער קצור דערפון וואס פאלגט]; אויפשטעלען א פרעמיסע [א בעהויפטונג, אויף וועלכער עס בויט זיך א לאגישער שלוס].

prem'ises *n.* (פרעמ'-אים-עז) 1. אין געזעצליכע דאקומענטען — דאס פריהער דערמאהנטע [הויפטזעכליך די הויפט־טיילען פון דעם דאקומענט, וואו עס געפינען זיך די נעמען פון די וואס שליסען דעם אבמאך און די הויפט פונקטען פון דעם אבמאך]; 2. אייגענטום [הייזער, גרונד־אייגענטום], ווענען וועלכען עס האנדעלט זיך אין אן אבמאך; 3. א געביידע צוזאמען מיט די נעבען־געביידעם און דעם נעבען־גרונט.

3. We rented a house and we shall shortly occupy the premises.

prem'iss *n.* (פרעמ'-אים) א פרעמיסע, א פאדערזאץ. ז. *premise*

pre'mium *n.* (פרי'-מי-אם) א פרעמיע, א בעלוינונג, אן עקסטרא בעלוינונג, א פרייז [א געוואונענע בעלוינונג]; לעהרגעלד [פאר א פראפעסיאן]; פראצענטען [פאר א הלואה]; אסעקוראנץ־פרעמיע, פערזיכערונגס־פרייז [איינצאהלונג אויף א פערזיכערונגס־פאליסע]; דער קורס־אונטערשיעד פון געלד פון דעמזעלבען לאנד, ווי למשל פון גאלדענע מטבעות און פאפיער־געלד; דער קורס־ווערטה פון ווערטה־פאפיערען איבער דעם נאמינעלען פרייז.

premo'lar *a.* and *n.* (פרי-מאו'-לאר) וואס קומט פאר א באק־צאהן [אין צייט אדער פלאץ]; וואס איז שייך צו א צאהן וואס קומט פאר א באק־צאהן; א מילך־באק־צאהן; א באק־צאהן.

premonar'chical *a.* (פרי-מא-נאר'-קי-קעל) וואס האט עקזיסטירט איידער עס איז אנגענומען געווארען א מאנארכיסטישע רעגיערונגס־פארם.

premon'ish *v.* (פרי-מאנ'-איש) ווארנען, אנזאגען פארויס, פארויסזאגען, מזהיר זיין.

premon'ishment *n.* (פרי-מאנ'-איש-מענט) ז. *premonition*

premoni'tion *n.* (פרי-מא-ניש'-אן) דאס אנזאגען פארויס; א ווארנונג, אן אזהרה.

I had a premonition of trouble as soon as I arrived in town.

premon'itive *a.* (פרי-מאנ'-אי-טיוו) ווארנענד.

premon'itively *adv.* (פרי-מאנ'-אי-טיוו-לי) אלס ווארנונג.

premon'itor *n.* (פרי-מאנ'-אי-טאר) דער וואס ווארענט פריהער; א ווארנונג.

premon'itorily *adv.* (פרי-מאנ'-אי-טא-רי-לי) בדרך אזהרה, ווארנענדיג.

premon'itory *a.* (פרי-מאנ'-אי-טא-רי) ווארנענד, וואס איז מזהיר.

Premon'strant *n.* (פרי-מאנ'-סטרענט) א פרעמאנסטראנטענזער אדער נארבענטינער [א מיטגליעד פון א געוויסען קאטוילישען ארדען, וואס איז יעצט במעט אין גאנצען אונטערגעגאנגען].

premorse' *a.* (פרי-מאהרס') אבגעביסען; ווי אבגעביסען.

Premosa'ic *a.* (פרי-מא-זיי'-איק) וואס איז פארגעקומען פאר משה רבנו'ס צייטען; וואס בעלאנגט צו דער צייט פאר משה רבנו.

premo'tion *n.** (פרי-מאו'-שאן) דער פריהערדיגער איינפלוס אדער אנטריעב.

premove' *v.* (פרי-מוהוו') אנרעגען, אנטרייבען.

premuni're *n.* and *v.* (פרי-מיו-נאי'-רי) ז. *præmunire*

premuni'tion *n.* (פרי-מיו-ניש'-אן) דאס בעפעסטיגען זיך אדער בעשיצען זיך אין פארויס; א שוץ־מיטעל אדער פערטיידיגונגס־מיטעל צוגעגרייט פארויס.

premu'nitory *a.* (פרי-מיו'-ני-טא-רי)

וואס איז שייך צו א שטראף אין פאל פון בעגרענצען די קעניגליכע מאכט [אין אמאליגען ענגלאנד]. ז. *præmunire*.

prena'tal *a.* (פרי-נײ'-טעל) וואס איז נאך פאר דער געבורט; וואס איז שייך צו דער עקזיסטענץ פאר דער געבורט.

prena'tally *adv.* (פרי-נײ'-טעל-אי) פאר'ן געבוירען ווערען.

pren'der *n.* (פרענ'-דער) דאס רעכט אדער די מאכט צוצונעהמען עפעס פאר זיך.

preno'men *n.* (פרי-נאו'-מען) א פארנאמען [דער ערשטער נאמען].

preno'tion *n.* (פרי-נאו'-שאן) א פארבעגריף, א פארקענטניס; א פארגעפיהל.

pren'tice *n.* (פרענ'-טיס) ז. *apprentice*.

pren'ticehood *n.* (פרענ'-טיס-הוד) ז. *apprenticeship*.

pren'ticeship *n.* (פרענ'-טיס-שיפ) ז. *apprenticeship*.

preobtain' *v.* (פרי-אב-טיין') פריהער ערהאלטען.

preoc'cupancy *n.* (פרי-אק'-יו-פענ-סי) דאס נעהמען אין בעזיץ אדער פערכאפען פריהער פון אנדערע; דאס רעכט צו פערנעהמען אדער פערכאפען פריהער פון אן אנדערען.

preoc'cupant *n.* (פרי-אק'-יו-פענט) איינער וואס פערכאפט עפעס פריהער פון אן אנדערען.

preoccupa'tion *n.* (פרי-אק-יו-פײ'-שאן) דאס פערכאפען פריהער פון אנדערע; דאס זיין פריהער פערטיעפט אין א געדאנק; פערטיעפטקייט, צוטראגענקייט, צושטרייטקייט.

preoc'cupied *a.* (פרי-אק'-יו-פאיד) 1. פערנומען, צושטרייט; פריהער פערנומען, פריהער פערכאפט; 2. בעאיינפלוסט מיט פריהער-געפאסטע מיינונגען אדער פאראורטיילע.

1. I was so **preoccupied** that I did not notice your entrance into my office.

preoc'cupy *v.* (פרי-אק'-יו-פאי) פערכאפען פריהער פון אנדערע; פריהער פערנעהמען; בעאיינפלוסען פון פאראורטיילע אדער פון פארויסגעפאסטע מיינונגען.

preopin'ion *n.* (פרי-א-פינ'-יאן) א פאראורטייל, א פארגעפאסטע מיינונג.

preop'tion *n.* (פרי-אפ'-שאן) דאס רעכט אויסצוקלייבען זיך עפעס דער ערשטער.

preo'ral *a.* (פרי-או'-רעל) וואס געפינט זיך אין פארענט פון מויל אדער פאר דעם מויל.

preo'rally *adv.* (פרי-או'-רעל-אי) פאר דעם מויל.

preordain' *v.* (פרי-אהר-דיין') בעשטימען אין פארויס.

preor'der *v.* (פרי-אהר'-דער) פארויס איינריכטען, פארויס בעשטימען.

preor'dinance *n.* (פרי-אהר'-די-נענס) די פריהער-איינגעפיהרטע ארדנונג אדער רעגעל.

preordina'tion *n.* (פרי-אהר-די-נײ'-שאן) פארבעשטימונג, פריהערע בעשטימונג.

prep *n.* (פרעפ) א סטודענט וואס געהט דורך א פארבערייטונגס-קורס; איינער וואס פארבערייטעט זיך פאר א העכערער לעהר-אנשטאלט.

prep. אבקירצונג פון *preposition*.

prepaid' *a.* (פרי-פייד') פארויס בעצאהלט.

prep'arable *a.* (פרעפ' ע-רעבל) וואס מען קען צוגרייטען.

prepara'tion *n.* (פרעפ-ע ריי' שאן) פארבערייטונג, צוגרייטונג, פערפערטיגונג; צוגעגרייטקייט; צוריכטונג, אויסריכטונג; צוזאמענשטעלונג, פאבריצירונג; א פרעפאראט, עטוואס וואס איז צוזאמענגעשטעלט, פארבערייטעט אדער פאבריצירט [ווי א כעמישער שטאף, למשל]; א קערפער אדער קערפער-טייל פארבערייטעט פאר אנאטאמישע צוועקען; א פארבערייטונגס-טאג, פרייטאג, אן ערב יום טוב [ביי אידען].

prepar'ative *a. and n.* (פרי-פער'-ע-טיוו) פארבערייטענד; עטוואס וואס דיענט אלס פארבערייטונג.

prepar'atively *adv.* (פרי-פער'-ע-טיוו-לי) אלס פארבערייטונג; צוגרייטענדיג.

prepar'ator *n.* (פרי-פער'-ע-טאר) א פארבערייטער, א צוגרייטער, א צוריכטער; איינער וואס פרעפארירט קערפערס פאר אנאטאמישע צוועקען.

prepar'atorily *adv.* (פרי-פער'-ע-טא-רי-לי) ז. *preparatively*.

prepar'atory *a.* (פרי-פער'-ע-טא-רי) פארבערייטענד; צוגרייטענד; וואס געפינט זיך אין פארבערייטונגס-צושטאנד; וואס האלט זיך אין פארבערייטען.

prepar'atory school (פרי-פער'-ע-טא-רי סקוהל) א פארבערייטונגס-שול, א שול וואס גרייט צו פאר העכערע לעהר-אנשטאלטען.

prepare' *v.* (פרי-פעהר') פארבערייטען, צוגרייטען, מאכען גרייט, פארטיג מאכען; אויסריכטען; זיך צוגרייטען, זיך אויסריכטען, זיך פארטיג מאכען; מאכען, פארמירען, צוזאמענשטעלען, פאבריצירען, מאכען פרעפאראטען.

prepar'edly *adv.* (פרי-פעהר'-עד-לי) צוגעגרייט ווי עס דארף צו זיין.

prepar'edness *n.* (פרי-פעהר'-עד-נעס) בערייטשאפט, פערטיגקייט, גרייטקייט.

prepar'er *n.* (פרי-פעהר'-ער) א פארבערייטער, א צופערטיגער; וואס גרייט צו, מאכט אדער פאבריצירט.

prepay' *v.* (פרי-פיי') צאהלען אין פארויס; פארויס בעצאהלען.

prepay'ment *n.* (פרי-פיי'-מענט) דאס צאהלען אין פארויס; א צאהלונג אין פארויס.

prepense' *a.* (פרי-פענס') פארויס בעטראכט אדער געפלאנעוועט, איבערלעגט; אבזיכטליך.

prepense'ly *adv.* (פרי-פענס'-לי) איבערלעגטערהייד, פארויס בעטראכט אדער געפלאנעוועט; בכיון.

prepen'sive *a.* (פרי-פענ'-סיוו) ז. *prepense*.

preplacen'tal *a.* (פרי-פלע-סענ'-טעל) וואס איז פאר דער אויסבילדונג פון דער פלאצענטא אדער פון ארט [די איינהילונג, אין וועלכען עס געפינט זיך דאס קינד אין דער מוטער'ס בויך].

prepol'lence *n.* (פרי-פאל'-ענס) איבערגעוויכט, גרעסערע מאכט אדער איינפלוס.

The **prepollence** of evil in the world is the basic idea of the pessimistic philosophy.

prepol'lency *n.* (פרי-פאל'-ענ-סי) ז. *prepollence*.

prepol'lent *a.* (פרי-פאל'-ענט) איבערוועגענד, וואס האט א גרעסערע מאכט אדער ווירקונג.

prepon'derance *n.* (פרי-פאנ'-דער-ענס) דאס איבערוועגען; איבערגעוויכט; דאס האבען א גרעסערע קראפט, ווירקונג, מאסע אדער צאהל; דאס זיין בעדייטענדער אדער וויכטיגער.

prepon'derance of ev'idence (פרי-פאנ'-דער-ענס אוו עוו'-אי-דענס) איבערוועגענדע אדער קרעפטיגערע בעווייזע.

In conflicting testimony the jury must give weight to the **preponderance** of evidence.

prepon'derancy *n.* (פרי-פאנ'-דער-ענ-סי) ז. *preponderance*.

prepon'derant *a.* (פרי-פאנ'-דער-ענט) איבערוועגענד, וואס האט מעהר געוויכט, בעדייטונג, מאכט, קראפט אדער ווירקונג.

prepon'derantly *adv.* (פרי-פאנ'-דער-ענט-לי) איבערוועגענדיג; מיט איבערמאכט; מיט מעהר קראפט, ווירקונג אדער בעדייטונג.

prepon'derate *v.* (פרי-פאנ'-דער-אייט) איבערוועגען; האבען מעהר קראפט, וואג אדער ווירקונג.

prepon'deratingly *adv.* (פרי-פאנ'-דער-איי-טינג-לי) ז. *preponderantly*.

prepondera'tion *n.* (פרי-פאנ-דע-ריי'-שאן) ז. *preponderance*.

prepon'derous *a.* (פרי-פאנ'-דער-אס) ז. *preponderant*.

prepose' *v.* (פרי-פאוז') צושטעלען אדער צוגעבען פון אנהויב אדער פון פארענט.

preposi'tion *n.* (פרעפ-א-זיש'-אן) אין גראמאטיק — א פרעפאזיציאן, א פארווארט אדער פערהעלטניס-ווארט [א ווארט וואס שטעהט פאר א הויפטווארט און צייגט אן זיין בעציהונג צו א צייטווארט, אייגענשאפטס-ווארט אדער צו אן אנדער הויפטווארט, ווי למשל: אין, פון, צו א. ז. וו.]; א טייל פון א ווארט צוגעגעבען אין אנהויב [הויפטזעכליך א פרעפאזיציאן פעראייניגט מיט א צייטווארט, ווי "צוגעהן"].

preposi'tional *a.* (פרעפ-א-זיש'-אנ-על) פרעפאזיציאנעל, וואס האט די אייגענשאפט פון א פארווארט אדער איז געברויכט ווי א פארווארט. ז. *preposition*.

preposi'tionally *adv.* (פרעפ-א-זיש'-אנ-על-אי) אלס פארווארט אדער פרעפאזיציאן. ז. *preposition*.

preposi'tional phrase (פרעפ-א-זיש'-אנ-על פרייז) א הויפטווארט צוזאמען מיט א פרעפאזיציאן וואס דיענט אלס אייגענשאפטס-ווארט אדער אלס אומשטאנדס-ווארט [אדווערבום].

In the sentence "he spoke with haste," "with haste" is a **prepositional phrase**.

prepos'itive *a. and n.* (פרי-פאז'-אי-טיוו) וואס שטעהט פריהער אדער איז צוגעגעבען פון אנהויב; א ווארט וואס שטעהט פאר אן אנדער ווארט, א ווארט-טייל אין אנהויב פון א ווארט.

prepos'itor *n.* (פרי-פאז'-אי-טאר) דער עלטערער שילער אין א קלאס, וואס ווערט בעשטימט פון לעהרער צו העלפען איהם האלטען ארדנונג אין קלאס.

prepos'iture *n.* (פרי-פאז'-אי-טשור) דאס אמט פון א פראוואסט, פארשטעהער אדער נאטשאלניק. ז. *provost*.

prepossess' *v.* (פרי-פא-זעס') פערכאפען פריהער אין בעזיץ; בעאיינפלוסען פארויס; איינפליסען א גוטע מיינונג, מאכען א גוטען איינדרוק.

prepossess'ing *a.* (פרי-פא-זעס'-אינג) חן'עוודיג, אנגענעהם, וואס מאכט א גוטען איינדרוק.

He is a young man of **prepossessing** appearance.

prepossess'ingly *adv.* ‎(פרי-פא-זעס'-אינג-לי)‏ מאכענדיג א גוטען איינדרוק.

preposses'sion *n.* ‎(פרי-פא-זעש'-אָן)‏ 1. דאס פערכאפען אין בעזיץ פון פריהער; 2. א פאראורטייל [הויפטזעכליך א גינ־סטיגער] ווענען אימעצען אדער עפּעס; 3. א גוטע מיינונג; סימפּאטיע.

2. My prepossessions are all in favor of our new Mayor.

preposses'sor *n.* ‎(פרי-פא-זעס'-אָר)‏ איינער וואס כאפּט אריין עפּעס אין בע־זיץ פריהער פון אלעמען.

prepos'ter *n.* ‎(פרי-פאס'-טער)‏ ז. *prepositor*

prepos'terous *a.* ‎(פרי-פאס'-טע-ראס)‏ אבסורד, אונזיניג, לעכערליך, נאריש.

prepos'terously *adv.* ‎(פרי-פאס'-טע-ראס-לי)‏ קאפּויר, מיט'ן קאפּ אראב; אב־סורד, נאריש.

prepos'terousness *n.* ‎(פרי-פאס'-טע-ראס-נעס)‏ אונלאגישקייט, אונזיניגקייט, קאפּויערדיגקייט, אבסורדיטעט.

prepos'tor *n.* ‎(פרי-פאס'-טאר)‏ ז. *prepositor*

prepo'tence *n.* ‎(פרי-פאו'-טענס)‏ ז. *prepotency*

prepo'tency *n.* ‎(פרי-פאו'-טענ-סי)‏ די איבערמאכט, דאס איבערגעוויכט, די שטארקערע אדער הערשענדע מאכט.

prepo'tent *a.* ‎(פרי-פאו'-טענט)‏ איבער־וועגענד; שטארקער אין מאכט, אין ווירקונג א. ד. ג.; וואס האט א שטארקע פּא־טענציאלע קראפט.

prepoten'tial *a.* ‎(פרי-פא-טענ'-שעל)‏ ז. *prepotent*

preprovide' *v.* ‎(פרי-פרא-וואיד')‏ בע־זארגען מיט עפּעס פון פריהער.

pre'puce *n.* ‎(פרי'-פיוס)‏ די פאַרהויט [פון מענליכען געשלעכטס־ארגאַן], די ערלה.

prepunc'tual *a.* ‎(פרי-פאנק'-טשו-על)‏ צופּיעל פּינקטליך, איבערטריבען פּינקט־ליך; וואס פּאסירט פאר דער בעשטימטער צייט.

prepunctual'ity *n.* ‎(פרי-פאנק-טשו-על'-אי-טי)‏ צופּיעל פּינקטליכקייט; דאס זיין א צו־גרויסער מקפּיד.

prepu'tial *a.* ‎(פרי-פיו'-שעל)‏ וואס איז שייך צו דער פאַרהויט אדער ערלה [פון מענליכען געשלעכטס־ארגאַן].

prepu'tium *n.* ‎(פרי-פיו'-שי-אם)‏ די פאַרהויט [פון מענליכען געשלעכטס־אר־גאַן]. ז. *prepuce*

Preraph'aelite *a. and n.* ‎(פרי-רעפ'-ע-על-אַיט)‏ וואס איז שייך צו דער פּרע־ראפאעליטישער שוהל אין מאלעריי [א ריכטונג אין דער ענגלישער מאלעריי אין 19טען יאהרהונדערט, וואס איז נעגאנגען אין די וועגען פון די איטאליענישע פּאר־ראפאעליטישע מאלער פון 15טען יאהר־הונדערט]; איינער פון די פּרעראפאע־ליטען.

Preraph'aelitish *a.* ‎(פרי-רעפ'-ע-על-אַי-טיש)‏ לויט די פּרינציפּען פון דער פּרעראפאעליטישער שוהל אין מאלעריי. ז. *Preraphaelite*

Preraph'aelitism *n.* ‎(פרי-רעפ'-ע-על-אַי-טיזם)‏ דער פּרעראפאעליטיזם [א סטיל אין דער איטאליענישער מאלעריי, וואס האט געהערשט איז'ם 15טען יאהר־הונדערט ביז ראפאעל'ס צייטען]; די אויפלעבונג פון'ם פּרעראפאעליטישען סטיל אין דער ענגלישער מאלעריי אין 19טען יאהרהונדערט; די קונסט און לי־טעראטור־ריכטונג, וואס איז פערבונדען מיט דיזען סטיל.

preremote' *a.* ‎(פרי-רי-מאוט')‏ נאר־אמאליג; נאך פאר די אלטע צייטען; וואס קומט נאך פריהער [אין צייט אדער אָרד־נונג].

prerequire' *v.* ‎(פרי-רי-קהוואיר')‏ פּא־דערען פריהער, נויטיג האבען פון פריהער.

prereq'uisite *a. and n.* ‎(פרי-רעק'-ווי-זיט)‏ וואס פאדערט זיך אדער וואס איז נויטיג פון פריהער; א נויטיגע פאר־בעדינגונג.

preresolve' *v.* ‎(פרי-רי-זאלוו')‏ בע־שליסען פון פריהער.

prerevolu'tionary *a.* ‎(פרי-רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי)‏ וואס איז געווען אדער גע־שעהן פאר דער רעוואלוציאן [בעזאנדערס פאר דער אמעריקאנער רעוואלוציאן].

prerog'ative *n., a. and v.* ‎(פרי-ראג'-ע-טיוו)‏ א פּרעראגאטיוו, א פּריווי־לעגיע, א רעכט וואס אנדערע האבען ניט; וואס איז שייך צו א פּרעראגאטיוו אדער אויסשליסליכער פּריווילעגיע; געבען א פּרעראגאטיוו אדער אויסשליסליכעס רעכט אדער פּריווילעגיע.

prerog'ative court ‎(פרי-ראג'-ע-טיוו קאורט)‏ דאס אמאליגע קירכליכע געריכט אין ענגלאנד, וואס האט געהאט צו זאגען אויף ירושה־פּראצעסען און צוואה־ענינים.

prerog'atively *adv.* ‎(פרי-ראג'-ע-טיוו-לי)‏ אלס אן אויסשליסליכע פּריווילעגיע; דורך אן אויסשליסליכען רעכט.

presage' *v.* ‎(פרי-סיידזש')‏ אנזאגען, זיין א סמן; פיהלען פריהער, אהנען; פּארויסזעהן וואס וועט זיין, נביאות זא־גען.

pres'age *n.* ‎(פרעס'-עדזש)‏ עפּעס וואס זאגט אן וואס וועט זיין, א סמן צום גו־טען אדער שלעכטען; א פאָרגעפיהל, אן אהנונג; פּראפעטישע בעדייטונג.

pres'ageful *a.* ‎(פרעס'-עדזש-פול)‏ פול מיט פּארבעדייטונגען; פול מיט סמנים, וואס זאגען אן וואס עס וועט זיין.

presage'ment *n.* ‎(פרי-סיידזש'-מענט)‏ א סמן צום גוטען אדער צום שלעכטען; א נביאה.

presa'ger *n.* ‎(פרי-סיי'-דזשער)‏ א נביאות־זאגער; א נביא, א פּראפעט.

presa'gious *a.* ‎(פרי-סיי'-דזשאס)‏ ז. *presageful*

presarto'rial *a.* ‎(פרי-סאר-טאו'-רי-על)‏ פאר דער שניידעריי־צייט; איידער מען האט אנגעהויבען טראגען מאדע־קליידער.

pres'byope *n.* ‎(פרעס'-בי-אופ)‏ איינער וואס ליידעט פון פּרעסביאפּיע. ז. *presbyopia*

presbyo'pia *n.* ‎(פרעס-בי-או'-פּי-א)‏ פּרעסביאפּיע, אן אויגען־פעהלער ביי אל־טע מענשען, צוליעב וועלכען זיי זעהען שלעכט פון נאהנט.

pres'byopy *n.* ‎(פרעס'-בי-או-פּי)‏ ז. *presbyopia*

pres'byte *n.* ‎(פרעס'-באַיט)‏ ז. *presbyope*

pres'byter *n.* ‎(פרעס'-בי-טער)‏ א פּרעס־ביטער, דער עלטסטער פון א קירכליכער געמיינדע; א קירכען־פארשטעהער; ביי די קאטוילִיקען און אנדערע יעראַרכישע קירכליכע ארגאניזאציאנען — א גלח, וואס שטעהט עטוואס נידריגער אין ראנג פון א בישאף.

presbyt'eral *a.* ‎(פרעס-ביט'-ער-על)‏ וואס איז שייך צו א פּרעסביטער אדער קירכען־עלטסטער.

presbyt'erate *n.* ‎(פרעס-ביט'-ער-אייט)‏ דאס אמט פון א פּרעסביטער אדער קיר־כען־עלטסטער; א פערזאמלונג פון די עלטסטע פון א קירך.

presbyte'rial *a.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-על)‏ פּרעסביטעריאניש, וואס איז שייך צו די פּרעסביטערס אדער קירכען־עלטסטע, וועלכע רעגירען די קירך; וואס איז שייך צו א קירכען־רעגיערונג דורך קירכען־על־טעסטע.

presbyte'rially *adv.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-על-אי)‏ אויף דעם אופן פון פּרעסבי־טערס [קירכען־עלטעסטע]; אין בעצוג צו פּרעסביטעריאניזם. ז. *Presbyterianism*

Presbyte'rian *n. and a.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-ען)‏ א פּרעסביטעריאנער, איינער וואס גלויבט, אז די קירך דארף רעגיערט ווערען דורך פערטרעטער פון דער גע־מיינדע [קירכען־עלטעסטע] און אז צווי־שען די גייסטליכע דארפען ניט זיין קיין העכערע אין ראנג און נידריגערע; פּרעס־ביטעריאניש.

Presbyte'rianism *n.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-ען-איזם)‏ פּרעסביטעריאניזם, די סיס־טעם פון א קירכען־רעגיערונג דורך פּרעס־ביטערס אדער קירכען־עלטעסטע, ביי וועל־כער צווישען די גייסטליכע דארפען ניט זיין קיין העכערע אין ראנג און קיין נידרי־גערע.

Presbyte'rianize *v.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-ען-איז)‏ מאכען פּרעסביטעריאניש. ז. *Presbyterian*

Presbyte'rianly *adv.* ‎(פרעס-בי-טי'-רי-ען-לי)‏ אויף דעם אופן פון די פּרעס־ביטעריאנער. ז. *Presbyterian*

pres'bytership *n.* ‎(פרעס'-בי-טער-שיפּ)‏ דאס אמט פון א פּרעסביטער אדער קירכען־עלטעסטער.

pres'bytery *n.* ‎(פרעס'-בי-טער-אי)‏ פּרעסביטעריום, די קירכען־עלטעסטע; א קאנסיסטאריום אין דער פּרעסביטעריאני־שער קירך [בעשטעהט פון אלע גייסטלי־כע און פון קירכען־עלטעסטע, יעדע קירך אין א בעצירק שיקט צו איינעם]; א קירכען־דיסטריקט וואס שטעהט אונ־טער א פּרעסביטער [קירכען־עלטעסטען]; דער פּריסטער־פּלאץ אין א קירך; דאס פּריסטערליכע הויז [ביי די קאטוילִיקען].

pre'science *n.* ‎(פרי'-שיענס)‏ דאס ווי־סען אין פאראויס אדער פון פריהער; דאס פּאראויסזעהן.

pre'scient *a.* ‎(פרי'-שיענט)‏ וואס ווייסט אין פאראויס אדער פון פריהער; פּאראויס־זעהענד.

prescientif'ic *a.* ‎(פרי-סאַי-ען-טיפ'-איק)‏ וואס עקזיסטירט נאך בעפאר די ווייסענשאפט איז פעסטגעשטעלט געווארען.

pre'sciently *adv.* ‎(פרי'-שיענט-לי)‏ וויסענדיג אין פאראויס אדער פון פריהער; פּאראויסזעהענדיג.

prescind' *v.* ‎(פרי-סינד')‏ 1. אבטיילען, אבזונדערען פון אלע אנדערע פאק־טען, מאמענטען אדער אידעען; 2. אב־ציהען די אויפמערקזאמקייט, ניט נעה־מען אין בעטראכט.

1. Force cannot be prescinded from gravity and matter. 2. In his article he prescinds entirely from all theories.

prescin'dent *a.* ‎(פרי-סינ'-דענט)‏ אב־טיילענדיג, אבזונדערענדיג.

prescribe' *v.* ‎(פרי-סקראַיב')‏ פּאר־שרייבען, אָרדענען, הייסען; פארשרייבען, פערארדנען [א רעצעפּט, א רפואה]; מאכען אונגילטיג צוליעב פעריעהרונג [ווייל א

נעוויסע צייט איז פאַריבער]; האָבען אַ טענה פון חזקה אויף עטוואָס צוליעב בענוצען עס אַ לענגערע צייט.

prescri'ber *n.* (פרי-סקראַי'-בער) איינער וואָס שרייבט פאָר אָדער בעפעהלט; איינער וואָס פערשרייבט [אַ רעצעפּט, אַ רפואה].

pre'script *n.* *and* *a.* (פרי'-סקריפּט) אַ פאַרשריפט, אַ בעפעהל, אַ פעראָרדנונג, אַ געזעץ; פאַרגעשריבען, בעפוילען.

prescriptibil'ity *n.* (פרי-סקריפּ-טי-ביל'-אי-טי) דאָס קענען פאַרגעשריבען ווערען [ווי אַ געזעץ]; פעריעהרבאַרקייט [די מעגליכקייט אַז אַ רעכט זאָל בטל ווערען צוליעב דעם וואָס אַ געוויסע צייט איז פאַריבער אָדער צו האָבען אַ טענה אויף חזקה אויף עטוואָס צוליעב בענוצען עס אַ לענגערע צייט].

prescrip'tible *a.* (פרי-סקריפּ'-טיבל) וואָס קען פאַרגעשריבען ווערען; וואָס הענגט אָב אָדער איז בעגרינדעט אויף'ן יסוד פון חזקה אָדער פעריעהרונג [דאָס אַריבערגעהן פון אַ לענגערע צייט].

prescrip'tion *n.* (פרי-סקריפּ'-שאַן) אַ פאַרשריפט; אַ בעפעהל, אַ פעראָרדנונג; אַ רעצעפּט; פעריעהרונג [דאָס פערלירען אַ רעכט צוליעב דעם וואָס אַ געוויסע צייט איז פאַריבער]; געוואָהנהייטס=רעכט, דאָס רעכט פון חזקה [צוליעב בענוצען זיך מיט עטוואָס אַ לענגערע צייט].

prescrip'tion-glass *n.* (פרי-סקריפּ'-שאַן-גלעס) אַ גלעזערנע כלי איינגעטיילט אין גראַדען אָדער מאָסען פאַר רעצעפּטען אָדער רפואות; אַן אויגען=גלאָז אָדער בריל וואָס איז געמאַכט לויט דער פאַרשריפט פון אַן אויגען=דאָקטאָר.

prescrip'tionist *n.* (פרי-סקריפּ'-שאַנ-איסט) אַ רעצעפּטען=מאַכער.

prescrip'tive *a.* (פרי-סקריפּ'-טיוו) וואָס איז בעגרינדעט אויף פעריעהרונג; וואָס איז בעגרינדעט אָדער ערוואָרבען אויף דעם יסוד פון חזקה; וואָס איז שייך צו געוואָהנהייטס=רעכט אָדער צו חזקה=רעכט.

presee' *v.* (פרי-סיע') פאָרויסזעהן.

preselect' *v.* (פרי-סי-לעקט') אויסקלייבען פון פריהער.

pres'ence *n.* (פרעז'-ענס) די אַנוועזענהייט; די אַנוועזענדע; די געגענוואַרט; די אוידיענץ; דאָס אוידיענץ=צימער; פערזענליכקייט; בעגלייטונג, געזעלשאַפט; נאָהענטקייט; פערזאַמלונג [הויפּטזעכליך פון הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען]; אַ גייסט, אַ גייסטערהאַפטע ערשיינונג; דאָס אויסזעהן [פון אַ מענשען]; דער שטאַט, די פיהרונג; דער שטעל.

pres'ence-cham'ber *n.* (פרעז'-ענס-טשיימ'-בער) דער אוידיענץ=זאַל [ביי אַ קעניג אָדער פירסט, וואו ער נעהמט אויף הויכגעשטעלטע פערזאָנען]; דאָס גאַסט=צימער [ביי הויכגעשטעלטע פערזאָנען].

pres'ence of mind (פרעז'-ענס אָוו מאַינד) זעלבסטבעהערשונג, רוהיגקייט, קאַלטבלוטיגקייט, דאָס ניט=פערלירען זיך אין אַ געפעהרליכער לאַגע.

pres'ence-room *n.* (פרעז'-ענס-רוהם) ז. *presence-chamber*.

presen'sion *n.* (פרי-סענ'-שאַן) אַ פאָרגעפיהל, אַ פאָרעמפּפינדונג.

pres'ent *a.* *and* *n.* (פרעז'-ענט) אַנוועזענד, געגענווערטיג; איצטיג; גרייט צו דער האַנד [צו העלפען]; די איצטיגע צייט, די געגענוואַרט; אַ פּרעזענט, אַ מתנה.

present' *v.* (פרי-זענט') [אַ דערלאַנגען] [אַ פעטיציע, אַ קלאַגע א. ז. וו.]; פאַרשטעלען; בעווייזען, אַרויסשטעלען; געבען עפּעס במתנה; איבערגעבען עפּעס צערעמאָניש; בעשטימען איינעם אויף אַ קירכליכען אַמט; אַנדייטען אויף עפּעס פאַר אַ רעגיערענדער מאַכט זי זאָל עס נעהמען אין אַנבעטראַכט; ריכטען אַ געוועהר געגען אימעצען אָדער עפּעס.

presentabil'ity *n.* (פרי-זענ-טע-ביל'-אי-טי) דאָס זיין פּרעזענטאַבעל, דאָס האָבען אַ גינסטיגען אויסזעהן, דאָס קענען פאַרגעשטעלט ווערען.

presen'table *a.* (פרי-זענ'-טעבל) פּרעזענטאַבעל, געקליידעט אַנשטענדיג [דאָס מען קען איהם פאָרשטעלען צו אַ הויכער פערזאָן]; וואָס קען אויסגעדריקט, פאָרגעשטעלט אָדער פאָרגעשלאָגען ווערען.

present' an interpella'tion (פרי-זענט' ען אינ-טער-פּע-ליי'-שאַן) אַריינטראָגען אַן אַנפראַגע אָדער אינטערפּעלאַציע אין אַ פּאַרלאַמענט.

present' a peti'tion (פרי-זענט' ע פּע-טיש'-אַן) דערלאַנגען אַ פעטיציע אָדער אַ ביטשריפט.

present' arms (פרי-זענט' אַרמז) אין מיליטער — סאַלוטירען, "נאַ קראַאול", אויסשטעלען די ביקס פּערפּענדיקולאַר צום קערפּער [ווי ביים סאַלוט פון אַ העכערען אָפיציער].

presenta'tion *n.* (פּרעז-ען-טיי'-שאַן) דאָס פּרעזענטירען, דאָס געבען עפּעס במתנה, דאָס דערלאַנגען אַ מתנה; דאָס אַרויסציינען, דאָס אַרויסווייזען, דאָס פאָרשטעלען; דאָס רעקאָמענדירען איינעם צו אַ קירכען=אַמט אָדער קירכען=שטעלע; דאָס דערלאַנגען [אַ פעטיציע]; די קערפּער=לאַגע פון קינד בעת עס געהט אַרויס פון מוטער'ס לייב; אַן אידעע, אַ פאָרשטעלונג.

presenta'tion cop'y (פּרעז-ען-טיי'-שאַן קאָפּ'-אי) אַן עקזעמפּלאַר פון אַ בוך מיט אַן אויפשריפט פון'ם שרייבער.

presen'tative *a.* (פרי-זענ'-טע-טיוו) וואָס קען פאָרגעשלאָגען ווערען פאַר אַ קירכען=אַמט; אין פילאָזאָפיע — וואָס איז שייך צו אינטואיטיווע אָדער אונמיטעלבאַרע קענטניס פון עפּעס.

pres'ent com'pany al'ways excep'ted (פּרעז'-ענט קאָמ'-פּע-ני אָהל'-הווייז עק-סעפּ'-טעד) פון אַנוועזענדע רעדט מען ניט.

presentee' *n.* (פרי-זענ-טיע') איינער וואָס איז רעקאָמענדירט פאַר אַ קירכען=אַמט.

presen'ter *n.* (פרי-זענ'-טער) 1. איינער וואָס לעגט פאָר; 2. איינער וואָס גיט אַ מתנה.

1. Who was the presenter of the bill?

presen'tial *a.* (פרי-זענ'-שעל) וואָס איז פאַרהאַנדען; וואָס איז פאָרגעשטעלט.

presential'ity *n.* (פרי-זענ-שי-על'-אי-טי) די אַנוועזענהייט, דאָס פאַרהאַנדען זיין.

presen'tially *adv.* (פרי-זענ'-שעל-אי) דורך אַנוועזענהייט.

presen'tialness *n.* (פרי-זענ'-שעל-נעס) דאָס זיין אַנוועזענד; אַנוועזענהייט.

presen'tient *a.* (פרי-סענ'-שיענט) וואָס האָט אַ פאָרגעפיהל; וואָס זעהט פאָרויס.

presen'timent *n.* (פרי-סענ'-טי-מענט) אַ פאָרגעפיהל [בעזאָנדערס פון אַן אומגליק וואָס דאַרף געשעהן].

presentimen'tal *a.* (פרי-סענ-טי-מענ'-טעל) וואָס איז שייך צו אַ פאָרגעפיהל.

presen'tive *a.* *and* *n.* (פרי-זענ'-טיוו) וואָס רופט אַרויס אַן אונמיטעלבאַרען בעגריף אָדער פאָרשטעלונג פון עפּעס; אין גראַמאַטיק — אַ וואָרט אָדער דער קלאַס ווערטער, וועלכע בעצייכנען געוויסע זאַכען אָדער טהעטיגקייטען אונמיטעלבאַר [אין נעגענזאַץ צו סימבאָלישע ווערטער].

presen'tiveness *n.* (פרי-זענ'-טיוו-נעס) די אייגענשאַפט אָדער פעהיגקייט פון געוויסע ווערטער אַרויסצורופען אַן אונמיטעלבאַרען בעגריף אָדער פאָרשטעלונג פון געוויסע זאַכען אָדער טהעטיגקייטען.

pres'ently *adv.* (פּרעז'-ענט-לי) גלייך, באַלד; שוין; אין דער מינוט.

present'ment *n.* (פרי-זענט'-מענט) דאָס פּרעזענטירען, דאָס פאָרלעגען; דאָס דערלאַנגען [אַ פעטיציע, אַ קלאַגע]; דאָס וואָס ווערט פאָרגעשטעלט, אַרויסגעציינט אָדער אַרויסגעוויזען; אין יוריספּרודענץ — אַן אַנקלאַגע אָדער בעשולדיגונג וואָס געריכטס=געשוואָרענע גיבען איבער צום פּראָקוראָר לויט זייער אייגענער איניציאַטיווע; אַן אַנקלאַגע פון אַ קירכליכער געמיינדע צום בישאָף; דאָס צושטעלען צום אָבצאָהלען [ווי למשל, אַ וועקסעל].

pres'ent mon'ey (פּרעז'-ענט מאָנ'-אי) מזומן געלד.

pres'entness *n.* (פּרעז'-ענט-נעס) ז. *presence*.

presentoir' *n.* (פּרעז-ען-טואָר') אַ פּרעזענטיר=טעלער, אַ מין פלאַכער טעלער אָדער טאַץ אויף אַ געשטעל, אויף וועלכער מען דערלאַנגט פרוכטען אָדער געבעקס.

Presentoir

pres'ent par'ticiple (פּרעז'-ענט פּאַר'-טי-סיפּל) אַ פּאַרטיציפּיום, וואָס בעצייכענט אַ האַנדלונג וועלכע קומט איצט פאָר [צ. ב. *going*]. ז. *participle*.

pres'ent ques'tion (פּרעז'-ענט קהוועס'-טשאַן) די איצט=דיסקוטירטע פראַגע.

present' respects' (פרי-זענט' רי-ספּעקטס') לאָזען אימעצען גריסען.

pres'ents *n.* (פּרעז'-ענטס) אין אָפיציעלע פּאַפּיערען — דער דאָקומענט, דאָס געריכטליכע פּאַפּיער; מתנות.

pres'ent tense (פּרעז'-ענט טענס) אין גראַמאַטיק — די געגענווערטיגע צייט.

preservabil'ity *n.* (פרי-זויר-ווע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען בעוואָרענט אָדער פערהיט ווערען; דאָס קענען קאָנזערווירט ווערען.

preser'vable *a.* (פרי-זויר'-וועבל) וואָס מען קען קאָנזערווירען, פערהיטען, בעשיצען אָדער איינהאַלטען.

preserva'tion *n.* (פּרעז-ער-וויי'-שאַן) דאָס בעשיצען, דאָס פערהיטען; דאָס קאָנזערווירען [פרוכטען, פליישען]; דאָס

קענען פערהיט ווערען; א פערהיטונגס=מיטעל.

preser'vative *a. and n.* (פרי-זויר'-וועטיוו) פערהיטענד; וואס פערהיט, וואס בעשיצט; א מיטעל וואס פערהיט; א בעוואהרונגס=מיטעל.

preser'vatory *a. and n.* (פרי-זויר'-וועטא-רי) פערהיטענד, בעשיצענד; א פרעזערוואטיוו [אן אפאראט אדער געביידע צו קאנזערווירען פרוכטען, פליישען א. ד. ג.].

preserve' *v. and n.* (פרי-זירוו') 1. איינהיטען, בעשיצען; איינהאלטען; קאנזערווירען; מאכען קאנזערוועז [ווי פון פרוכטען, פליישען א. ד. ג.]; קאנזערוועז, קאנזערווירטע זאכען; 2. אן ארומגעצאמטער פלאץ פאר חיות, וועלכע ווערען אבגעהיט און בעשיצט ביז דעם יאגד=סעזאן.

2. The king's shooting preserves are filled with game.

preser'ver *n.* (פרי-זויר'-ווער) א פערהיטער, א בעשיצער; איינער וואס מאכט קאנזערוועז; איינער וואס פערהיט און בעשיצט חיות אין אן ארומגעצאמטען פלאץ ביז דעם יאגד=סעזאן.

preserves' *n.* (פרי-זירווז') א מין ברילען אדער שפאקולען מיט בלויע אדער רויטע גלעזער צו פערהיטען די אויגען פון א צו=שטארקער שיין.

preside' *v.* (פרי-זאיד') פרעזידירען, זיין דער פארזיצענדער אדער פארשטעהער; שטעהן אן דער שפיצע פון אן אונטערנעהמונג.

pres'idency *n.* (פרעז'-אי-דענ-סי) דאס פרעזידירען, דאס זיין א פארזיצענדער; דער פארזיץ, די פרעזידענטשאפט; דאס פרעזידענטען=אמט.

Pres'idency *n.* (פרעז'-אי-דענ-סי) דאס אמט פון פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

pres'ident *n.* (פרעז'-אי-דענט) דער פארזיצענדער [פון א פעראיין, ארגאניזאציע]; דער פרעזידענט.

president'al *a.* (פרעז-אי-דענט'-על) פרעזידענטיש; וואס איז שייך צום פרעזידענט אדער פארזיצענדען.

pres'identess *n.* (פרעז'-אי-דענט-עס) א פרעזידענטקע; א פארזיצענדע.

presiden'tial *a.* (פרעז-אי-דענ'-שעל) פרעזידענטיש, וואס איז שייך צו פרעזידענטשאפט; וואס איז שייך צו א פרעזידענט.

presiden'tial elec'tors (פרעז-אי-דענ'-שעל אי-לעק'-טארז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די פערזאנען, וועלכע די בירגער קלייבען אויס זיי זאלען ערוועהלען דעם פרעזידענט און וויצע=פרעזידענט [יעדער שטאאט קלייבט אויס אזוי פיעל וועהלער, וויפיעל ער האט קאנגרעסלייטע און סענאטארען אין קאנגרעס אדער פארלאמענט].

pres'identship *n.* (פרעז'-אי-דענט-שיפ) דאס אמט אדער די שטעלע פון א פרעזידענט; דער משך פון פרעזידענטשאפט.

presi'der *n.* (פרי-זאי'-דער) דער פארזיצענדער.

presid'ial *a.* (פרי-סיד'-אי-על) וואס איז שייך צו א גארניזאן אדער סאלדאטען=בעזעצונג.

presid'iary *a. and n.* (פרי-סיד'-אי-ע-רי) וואס איז שייך צו א גארניזאן אדער סאלדאטען=בעזעצונג; א וואך.

presid'ing el'der (פרי-זאיד'-אינג על'-דער) אין דער מעטאדיסטישער קירך — א גייסטליכער, וועלכער פערטרעט אין געוויסע אנגעלעגענהייטען דעם בישאף.

presid'ing judge (פרי-זאיד'-אינג דזשאדזש) דער פארזיצענדער ריכטער אין א געריכט.

presid'io *n.* (פרי-סיד'-אי-או) דאס ארט וואו עס געפינט זיך א העכערער מיליטערישער בעאמטער; א רעגיערונגס=רעזידענץ; א מיליטערישער פאסט; אן ארט וואו מען פערשיקט פערברעכער.

press *v. and n.* (פרעס) פרעסען, דריקען, קוועטשען; אויסאיבען א דרוק; צווינגען, טרייבען, שטופען; נויטען; ארויפצווינגען; בעשטעהן אויף עפעס; אונטעריאגען; דרינגענד בעטען; זיך שפארען, זיך שטופען; לעגען אויף עפעס ספעציעלע געוויכט, אונטערשטרייכען; צווינגען צו דיענסט [הויפטזעכליך מיליטערישער]; דאס פרעסען, דאס דריקען; דרוק; א געדרענג, א מחנה; א דראנג; א שווערע, דרינגענדע לאגע; א פרעס; א פרעס=מאשין; א דרוק=מאשין; די פרעסע [פעריאדישע אויסגאבען]; א שראנק; א קאסטען; א ביכער=שראנק; א בעפעהל אדער אויפגאבע צו צווינגען מענשען אריינצוטרעטען אין מיליטער=דיענסט אדער אין דער פלאטע.

press'able *a.* (פרעס'-עבל) וואס קען געפרעסט אדער געדריקט ווערען.

press'-a'gent *n.* (פרעס'-איי'-דזשענט) אן אנגעשטעלטער וואס דארף צושטעלען נייעס פאר די צייטונגען וועגען א טעאטער, אנשטאלט, פערזאן א. ז. וו. און אויף אזא אופן צוציהען צו זיי דעם עולם'ס אויפמערקזאמקייט.

press'-bed *n.* (פרעס'-בעד) א בעט וואס קען זיך צונויפלעגען און זיך פערוואנדלען אין א שראנק אדער קאסטען.

press'-blan'ket *n.* (פרעס'-בלענ'-קעט) פלאנעל, געוואנד אדער פילץ געברויכט אויף א דרוק=פרעס.

press'-blocks *n.* (פרעס'-בלאקס) שטיקער האלץ וואס פילען אויס די לעדיגע פלעצער אין א דרוקער=פרעס אדער בוכבינדער=פרעס.

press'-boards *n.* (פרעס'-באורדז) די לייסטלעך אדער ברעטלעך אין א דרוק=מאשין צווישען וועלכע עס האלטען זיך צוזאמען די דרוק=בויגענס.

press'-boy *n.* (פרעס'-באי) אן ארויסהעלפער ביי א דרוק=מאשין.

pressed for mon'ey (פרעסט פאר מאנ'-אי) געענגט אין געלד.

pressed for time (פרעסט פאר טאים) געענגט אין צייט.

press'er *n.* (פרעס'-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט, פרעסט אדער פלעט; א קעלטערער, א זאפט=פרעסער; א פרעסער, א ביגלער; איינער וואס ארבייט ביי א פרעס; אין טעפעריי — איינער וואס מאכט די הענטלעך, אויערלעך און די דעקאראציאנען פאר די געשיר; דאס פיסעל פון א נעה=מאשין וואס דריקט צו דאס צייג ביים נעהען; א מין ביגעל=מאשין; איינער וואס צווינגט ארויף אדער רעדט איין.

press'er-foot *n.* (פרעס'-ער-פוט) דאס פיסעל פון א נעה=מאשין וואס דריקט צו דאס צייג ביים נעהען.

press'-gang *n.* (פרעס'-גענג) א מיליטערישע אבטיילונג וואס צווינגט מענשען צו ווערען מאטראזען אדער סאלדאטען.

press'ing *n. and a.* (פרעס'-אינג) דאס פרעסען; דרוק; דריקונג; דאס אויסגעפרעסטע [ווי אויל, זאפט א. ז. וו.]; דרינגענד, וואס קען ניט אבגעלעגט ווערען.

press'ing-bag *n.* (פרעס'-אינג-בעג) א זעקעל אין וועלכען מען קוועטשט אויס אויל פון זאמען.

press'ing-board *n.* (פרעס'-אינג-באורד) א ביגעל=ברעט; אזעלכע ברעטלעך אין א גרויסער דרוקער אדער בוכבינדער=פרעס.

press'ing-i'ron *n.* (פרעס'-אינג-אי'-ערן) א פרעסעל, א פלעט=אייזען, א ביגעל=אייזען.

press'ingly *adv.* (פרעס'-אינג-לי) מיט דרינגליכקייט; אויף א דרינגענדען אופן.

press'ingness *n.* (פרעס'-אינג-נעס) דרינגליכקייט.

press'ing-plate *n.* (פרעס'-אינג-פלייט) אזא ברעט אין אן אויל=פרעס.

press in one's arms (פרעס אין הוואנז ארמז) ארומנעהמען, דריקען צום הארצען.

pres'sion *n.* (פרעש'-אן) ז. *pressure*.

press'man *n.* (פרעס'-מען) א פרעסער, א דרוקער; דער וואס טרעט די וויינטרויבען, א קעלטערער; א צייטונגס=מאן, א רעפארטער; איינער פון א מיליטערישער אבטיילונג, וואס צווינגט מענשען צו ווערען סאלדאטען אדער מאטראזען; איינער וואס איז דורך צוואנג געווארען א סאלדאט אדער מאטראז.

press'-mark *n. and v.* (פרעס'-מארק) א ביבליאטעק=צייכען אויף א בוך [וואס צייגט אן די אבטיילונג, צו וועלכער דאס בוך בעלאנגט, זיין פלאץ א. ז. וו.]; מאכען א ביבליאטעק=צייכען אויף א בוך.

press'-mas'ter *n.* (פרעס'-מעס'-טער) דער הויפט פון א קאמאנדע, וואס צווינגט מענשען אריינצוטרעטען אין דער ארמעע אדער פלאטע.

press'-mon'ey *n.* (פרעס'-מאנ'-אי) ז. *prest-money*.

press on (פרעס אן) טרייבען ווייטער, שטופען ווייטער, מאכען עם גיכער, בעוועגען זיך פארווערטס, איילען זיך.

press'-pack *v.* (פרעס'-פעק) פאקען מיט דער הילף פון א פרעס.

press'-plate *n.* (פרעס'-פלייט) אזא דינע אייזערנע פלאטע אין א פרעס=מאשין.

press'-proof *n.* (פרעס'-פרוהף) די לעצטע קארעקטור [איידער מען נעהמט זיך דרוקען]; א קארעקטור פון געדרוקטען בויגענס [צו זעהן די פעהלערען פון דער דרוק].

press'-revise' *n.* (פרעס'-רי-וואיז') די לעצטע קארעקטור [איידער מען נעהמט זיך דרוקען].

press'-room *n.* (פרעס'-רוהם) דאס דרוק=צימער אין א דרוקעריי; א פרעס=אבטיילונג אין א פאבריק.

press sail (פרעס סייל) פאנאנדער=שפרייטען די זעגלען; זיך יאגען [וועגען א שיף].

press upon' (פרעס א-פאן') זיין צודרינגליך; אטאקירען, בעפאלען.

pres'sural *a.* (פרעש'-יו-רעל) וואס איז שייך צו דרוק=קראפט.

pres'sure *n.* (פרעש'-יור) דאס פרעסען, דאס דריקען, דאס זיין געדריקט אדער געפרעסט; דרוק; צוואנג; דרוק=קראפט; דראנג, דרינגליכקייט; אבדרוק.

pres'sure for mon'ey (פרעש'-יור פאר מאנ'-אי) געלד=נויט, געלד=מאנגעל, געלד=ענגשאפט.

pres'sure-gage *n.* (פרעש'-יור-גיידזש) אן אינסטרומענט צום מעסטען דעם דרוק פון דאמפף אין א דאמפף-מאשין; אן אינסטרומענט צו בעשטימען דעם דרוק פון פולווער-גאז אין א שיס-געוועהר.

pres'sure-note *n.* (פרעש'-יור-נאוט) א נאטע מיט א צייכען וואס בעדייטעט, אז די נאטע דארף גענומען ווערען שטארקער צו ענדע.

pres'sure-reg'ister *n.* (פרעש'-יור-רעדזש'-איס-טער) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דעם דרוק פון גאזען און פליסיגקייטען.

pres'sure-spot *n.* (פרעש'-יור-ספאט) א פונקט אויף א קערפער, וואס איז עמפפינדליך צו דרוק.

press'work *n.* (פרעס'-הוואירק) דרוק-ארבייט.

presta'tion *n.* (פרעס-טיי'-שאן) צאהלונג, אבצאהלונג; אמאל אין ענגלאנד — אן אבצאהלונג אדער שטייער פאר דאס רעכט צו נעהמען האלץ פון וואלד.

pres'ter *n.* (פרעס'-טער) א גלח [אפט געברויכט אלס טיטול פון א לעגענדארישען מיטעלאלטערליכען קעניג און פריסטער יאהאן].

prestez'za *n.* (פרעס-טעט'-סא) אין מוזיק — געשווינדקייט.

prestidigita'tion *n.* (פרעס-טי-דידזש-אי-טיי'-שאן) טאשענשפיעלער-קונסט, קונצענמאכעריי.

prestidig'itator *n.* (פרעס-טי-דידזש'-אי-טיי-טאר) א פאקוסניק, א קונצענמאכער.

prestige' *n.* (פרעס-טידזש') א פרעסטיזש, א גוטע רעפוטאציע, א גוטער נאמען; אנציהונג, וויכטיגקייט, איינפלוס.
The Turks lost **prestige** in the Balkan war.

prestig'iator *n.* (פרעס-טידזש'-אי-איי-טאר) א קונצענמאכער, א פאקוסניק; א פערבלענדער, א שווינדלער.

pres'timony *n.* (פרעס'-טי-מא-ני) א פאנד צום אויסהאלטען א גייסטליכען, אבער וועלכען עס האט צו זאגען דער וואס האט מנדב געווען.

prestis'simo *adv.* (פרעס-טיס'-אי-מאו) אין מוזיק — זעהר שנעל.

prest'-mon'ey *n.* (פרעסט'-מאנ'-אי) און געצאהלט פאר ענגלישע סאלדאטען און מאטראזען.

pres'to *adv.* and *n.* (פרעס'-טאו) שנעל, באלד, אין איילעניש; אין מוזיק — אין שנעלען טעמפא; א מוזיקאלישע זאך געשפיעלט אין א שנעלען טעמפא.

prestric'tion *n.* (פרי-סטריק'-שאן) בלינדקייט, בלינדעניש.

prestud'y *v.* (פרי-סטאד'-אי) שטודירען פון פריהער.

presu'mable *a.* (פרי-זיו'-מעבל) וואס קען אנגענומען ווערען, וואס מען קען משער זיין.

presu'mably *adv.* (פרי-זיו'-מע-בלי) לויט ווי עס ווייזט אויס; לויט ווי מען קען זיך משער זיין.

presume' *v.* (פרי-זיום') אננעהמען, משער זיין; וואגען, אונטערנעהמען; האבען די דרייסטקייט.

presu'medly *adv.* (פרי-זיו'-מעד-לי) לויט ווי עס ווייזט אויס; וואהרשיינליך.

presume' on (פרי-זיום' אן) וואגען אדער ווערען חוצפה'דיג, אננעהמענדיג א געוויסע השערה אדער בויענדיג אויף עפעס.
Do not **presume on** the good nature of your friends.

presu'mer *n.* (פרי-זיו'-מער) איינער וואס וואגט; אן איבערמוטיגער מענש; א העזה'ניק, איינער וואס איז איבערטריבען דרייסט.

presume' upon' (פרי-זיום' א-פאן') ז. *presume on*.

presu'ming *a.* (פרי-זיו'-מינג) שטארק איינגעבילדעט; צופיעל איינגעגלויבט אין זיך; איבערטריבען דרייסט, איבערמוטיג.

presu'mingly *adv.* (פרי-זיו'-מינג-לי) מיט גרויס העזה, מיט איבערטריבענער דרייסטקייט; איבערמוטיג; צופיעל איינגעבילדעט אין זיך.

presump'tion *n.* (פרי-זאמפ'-שאן) א השערה, א שטארקע וואהרשיינליכקייט; דאס מאכען א השערה; איינבילדונג; דאס זיין צופיעל איינגעבילדעט אין זיך; איבערטריבענע דרייסטקייט; א גרונד פאר א השערה.

presump'tive *a.* (פרי-זאמפ'-טיוו) געבויט אויף א השערה אדער אויף א וואהרשיינליכקייט; מעגליך, וואהרשיינליך.

presump'tive ev'idence (פרי-זאמפ'-טיוו עוו'-אי-דענס) וואהרשיינליכקייטס-בעווייזע, אזעלכע בעווייזע וועלכע זיינען גענוגענד פארגעבראכט צו ווערען פאר דער יורי [געריכטס-געשווארענע], אז זי זאל קענען ארויסגעבען אן ענטשיידונג; בעווייזע וועלכע זיינען גענוגענד ארויסצוגעבען אויף זייער סמך אן אורטייל, ווען קיין אנדערע געגען-בעווייזע זיינען ניט פארגעבראכט געווארען.

presump'tively *adv.* (פרי-זאמפ'-טיוו-לי) אויף דעם גרונד פון השערות אדער וואהרשיינליכקייטען.

presump'tuous *a.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס) איבערמוטיג, שטארק איינגעגלויבט אין זיך; איינגעבילדעט; איבערטריבען דרייסט, העזה'דיג; וואס נעהמט אויף זיך צו פיעל.
It would be **presumptuous** for me to criticise a work of art.

presump'tuously *adv.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס-לי) אויף אן איבערמוטיגען אופן; זייענדיג צופיעל איינגעגלויבט אין זיך, נעהמענדיג צופיעל אויף זיך; מיט איבערטריבענער דרייסטקייט.

presump'tuousness *n.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס-נעס) איבערמוט, איינבילדונג, א צו-גרויסע איינגעגלויבטקייט אין זיך; איבערטריבענע דרייסטקייט.

presuppo'sal *n.* (פרי-סא-פאו'-זעל) א פריהערדיגע השערה; א פארויסזעצונג.

presuppose' *v.* (פרי-סא-פאוז') פאראויסזעצען.

presupposi'tion *n.* (פרי-סאפ-א-זיש'-אן) א פארויסזעצונג, א פארויסגעמאכטע השערה.

presupposi'tionless *a.* (פרי-סאפ-א-זיש'-אנ-לעס) אהן א פארויסזעצונג.

presurmise' *n.* (פרי-סויר-מאיז') א פריהער געמאכטע השערה; א פארפערדאכט.

pretence' *n.* (פרי-טענס') ז. *pretense*.

pretend' *v.* (פרי-טענד') 1. געבען א תירוץ, געפינען אן אויסרייד; אנגעבען אלס ענטשולדיגונג; 2. פרעטענדירען, מאכען אן אנשפרוך, האבען תביעות, ארויסטרעטען מיט א פרעטענזיע אויף עטוואס; 3. מאכען אן אנשטעל; מאכען זיך גלייך ווי...; 4. בעצוועקען.
3. Many ignorant persons **pretend** to be educated.

preten'dant *n.* (פרי-טענ'-דענט) א פרעטענדענט, איינער וואס האט אן אנשפרוך אדער פרעטענזיע אויף עטוואס.

preten'ded *a.* (פרי-טענ'-דעד) כלומר'שדיג; מאכענדיג אן אנשטעל.

preten'dedly *adv.* (פרי-טענ'-דעד-לי) כלומר'שט; אלס תירוץ, אויסרייד אדער אנשטעל; דורך פרעטענזיעס אדער תביעות.

preten'dent *n.* (פרי-טענ'-דענט) ז. *pretendant*.

preten'der *n.* (פרי-טענ'-דער) א פרעטענדירער; איינער וואס גיט זיך ארויס פאר...; איינער וואס מאכט אן אנשטעל; איינער וואס האט תביעות אדער פרעטענזיעס; א פרעטענדענט [איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף א קעניגליכען טהראן].

preten'dership *n.* (פרי-טענ'-דער-שיפ) די תביעות אדער פרעטענזיעס פון א פרעטענדענט. ז. *pretender*.

preten'ding *a.* (פרי-טענ'-דינג) וואס פרעטענדירט, וואס האט תביעות אדער פרעטענזיעס; וואס מאכט אן אנשטעל.

preten'dingly *adv.* (פרי-טענ'-דינג-לי) מיט תביעות אדער פרעטענזיעס; מאכענדיג אן אנשטעל.

pretense' *n.* (פרי-טענס') 1. א תירוץ, אן אויסרייד; 2. א פרעטענזיע, א תביעה; 3. אן אנשטעל; א כלומר'שדיגע טענה.
3. **Pretense** is but a form of vanity.

pretensed' *a.* (פרי-טענסט') ז. *pretended*.

pretense'less *a.* (פרי-טענס'-לעס) אהן פרעטענזיעס, אהן תביעות; אהן אנשטעלען.

preten'sion *n.* (פרי-טענ'-שאן) א פרעטענזיע; א תביעה; א בעהויפטונג; אן אונבערעכטיגטע תביעה אדער טענה; א טענה; אן אנשטעל; דאס ארויסטרעטען מיט פרעטענזיעס אדער מיט תביעות.

preten'tious *a.* (פרי-טענ'-שאס) ניט בעגרינדעט, פאלש; פול מיט פרעטענזיעס; וואס מאכט אן אנשטעל, וואס מאכט פון זיך א פוריע, וואס שטעלט זיך ארויס גרעסער און וויכטיגער ווי ער איז.

preten'tiously *adv.* (פרי-טענ'-שאס-לי) דורך פרעטענזיעס; מאכענדיג אן אנשטעל; מאכענדיג פון זיך א פוריע.

preten'tiousness *n.* (פרי-טענ'-שאס-נעס) דאס זיין פרעטענציעז, דאס האבען פרעטענזיעס אויף גרויסקייט, וויכטיגקייט א. ד. ג.; דאס מאכען אן אנשטעל.

preterhu'man *a.* (פרי-טויר-היו'-מען) מעהר ווי מענשליך, איבערמענשליך.

prete'rient *a.* (פרי-טי'-רי-ענט) וואס קומט פריהער; פארהער, פריהער.

preterimper'fect *n.* (פרי-טויר-אים-פויר'-פעקט) אימפערפעקטום [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אויס די ניט אין גאנצען פערגאנגענע צייט].

pret'erist *n.* and *a.* (פרעט'-ע-ריסט) איינער וואס לעבט נור מיט דער פערגאנגענהייט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — א פרעטעריסט, איינער וואס גלויבט, אז די נביאות פון דער אפאקאליפסע זיינען כמעט אלע אדער גאר אין גאנצען שוין מקוים געווארען; וואס איז שייך צו די פרעטעריסטען אדער צו זייערע אנזיכטען.

pret'erit *a.* and *n.* (פרעט'-ע-ריט) פערגאנגען, אמאליג; אין גראמאטיק — וואס דריקט אויס די פערגאנגענע צייט; דאס אימפערפעקטום, די פערגאנגענע צייט [ווי *wrote* פון *write*].

pret'erite *a.* and *n.* (פרעט'-ע-ריט) ז. *preterit*.

preteri'tion *n.* (פרעט-ע-ריש'-אן) דאס אויסלאזען, דאס איבערהיפען; דאס אויס- לאזען אין א צוואה איינעם פון די יורשים; א רעדע-פארם, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס דער רעדנער מאכט דעם אנשטעל, אז ער וויל אויסמיידען צו ריידען וועגען אימעצען און דערביי זאגט ער דאך אלץ וואס ער האט געוואלט [צ. ב. איך וויל ניט זאגען, אז ער איז א ליגנער און א גנב, אבער...]; אין דער קאלוויניסטישער טעאלאגיע — די בעהויפטונג, אז בשעת גאט האט בעשטימט געוויסע מענשען אויסגעלעזט צו ווערען, האט ער אויסגע- לאזען אלע איבריגע.

preter'itive *a.* (פרי-טער'-אי-טיוו) אין גראמאטיק — וואס דריקט אוים די פער- גאנגענע צייט; וואס ווערט געברויכט נור אין פערפעקטום אדער אין דער פערגאנ- גענער צייט [וועגען צייטווערטער].

pret'eritness *n.* (פרעט'-ע-ריט-נעס) פערגאנגענהייט, אמאליגקייט.

pret'erit-pres'ent *a. and n.* (פרעט'- ע-ריט-פרעז'-ענט) אין גראמאטיק — וואס פערבינדעט די פערגאנגענע צייט מיט דער געגענווערטיגער [ווי דאס איז דער פאל ביי געוויסע דייטשע צייטווערטער]; א צייטווארט וואס דריקט אוים אין דער- זעלביגער פארם פערגאנגענהייט און גע געגנווארט.

preterlapsed' *a.* (פרי-טער-לעפסט') אמאליג, פערגאנגען.

pretermis'sion *n.* (פרי-טויר-מיש'- אן) דאס אויסלאזען, דאס איבערהיפען; דאס ניט דערמאנען; דאס מאכען דעם אנשטעל אין א רעדע עטוואס אדער אימע- צען ניט צו דערמאנען. ז. *preterition*.

pretermit' *v.* (פרי-טויר-מיט') איבער- היפען, אויסלאזען; ניט דערמאנען עפעס; פערנאכלעסיגען עטוואס צו טהאן; לאזען עטוואס ניט געטהאן.

pretermit'ter *n.* (פרי-טויר-מיט'-ער) איינער וואס לאזט אויס אדער היפט אי- בער; איינער וואס פערנאכלעסיגט עטוואס צו טהאן.

preternat'ural *a.* (פרי-טויר-נעטש'- או-רעל) אויסערנאטירליך.

preternat'uralism *n.* (פרי-טויר- נעטש'-או-רעל-איזם) די טענדענץ אדער געוועהנהייט צוצושרייבען אויסערנאטיר- ליכע אייגענשאפטען אדער קרעפטען צו זאכען אדער ערשיינונגען, וועלכע זיינען גאנץ נאטירליך; דאס גלויבען אין אויסער- נאטירליכען; אן אויסערנאטירליכע עק- זיסטענץ.

preternat'urally *adv.* (פרי-טויר- נעטש'-או-רעל-אי) שלא כדרך הטבע, אוי- סערנאטירליך.

preternat'uralness *n.* (פרי-טויר- נעטש'-או-רעל-נעס) אויסערנאטירליכקייט; דאס זיין שלא כדרך הטבע.

preternup'tial *a.* (פרי-טויר-נאפ'- שעל) וואס איז ניט ערלויבט אויסער דער הייראט; אויסגעלאסען.

preterper'fect *a. and n.* (פרי-טויר- פויר'-פעקט) אין גראמאטיק — פערגאנ- גען, אמאליג; דאס פערפעקטום, די פער- גאנגענע צייט.

preterplu'perfect *n. and a.* (פרי- טויר-פלוה'-פויר-פעקט) אין גראמאטיק — דאס פלוסקוואמפערפעקטום [די לאנג-פער- גאנגענע צייט, ווי *I had written*]; לאנג פערגאנגען.

preterplural'ity *n.* (פרי-טויר-פלו- רעל'-אי-טי) אן אויסערגעוועהנליך גרוי- סע צאהל.

pre'text *n.* (פרי'-טעקסט) אן אויסרייד אדער תירוץ; א פריטשעפקע; א תירוץ זיך ארויסצודרעהן אדער עטוואס צו בע- האלטען.

The police were looking for a **pretext** to arrest him.

pretex'ture *n.* (פרי-טעקס'-טשור) ז. *pretext*.

prethought'ful *a.* (פרי-טהאהט'-פול) וואס בעטראכט פריהער; בעדאכט, איבער- לעגט.

pretib'ial *a.* (פרי-טיב'-אי-על) וואס געפינט זיך פון פארענט אויף דעם אונ- טערשטען טייל פון פוס.

pre'tium affectio'nis (פרי'-שי-אם ע-פעק-שי-או'-נים) דער ווערטה וואס ווערט געשטעלט אויף א געגענשטאנד דורך דעם אייגענטימער, ניט קוקענדיג אויף דעם ווירקליכען מארק-ווערטה אדער פערקויפס-ווערטה.

pre'tor *n.* (פרי'-טאר) [א פרעטאר טיטול אין אלטען רוים. פריהער זיינען די פרעטארען געווען די קאנסולען, אלס ארמעע-פיהרער; שפעטער-צו פלעגען צו צוויי פרעטארען מיטפאהרען מיט די קאנ- סולען אלס ריכטער און משפט'ען די רוי- מער און פרעמדע. אפט זיינען זיי געווא- רען גובערנאטארען איבער גאנצע פראווינ- צען]; א מאגיסטראט, א בירגערמייסטער.

preto'rial *a.* (פרי-טאו'-רי-על) פרע- טאריאניש, ריכטערליך, ווי א פרעטאר. ז. *pretor*.

preto'rian *a. and n.* (פרי-טאו'-רי-ען) פרעטאריאניש, ריכטערליך; ווי א פרע- טאר; וואס האט געהערט צו דער לייב-וואך פון א רוימישען קייזער; א פרעטאריאנער [איינער פון דער קייזערליכער לייב-וואך אין אלטען רוים].

preto'rium *n.* (פרי-טאו'-רי-אם) דער טייל פון אן אלט-רוימישען לאגער וואו דעם גענעראל'ס געצעלט איז געשטאנען; די אמטליכע וואהנונג פון א גובערנאטאר אין אלטען רוים; א געריכטס-הויז; א פאלאץ.

pre'torship *n.* (פרי'-טאר-שיפ) דאס אמט פון א פרעטאר. ז. *pretor*.

pret'tify *v.* (פריט'-אי-פאי) מאכען שעהן; מאכען נעט; פערשעהנערען, פער- ציערען.

pret'tily *adv.* (פריט'-אי-לי) אויף א שעהנעם אדער נעטען אופן; מיט גע- שמאק; גראציעז.

pret'tiness *n.* (פריט'-אי-נעס) היבש- קייט, שעהנקייט; עלעגאנטקייט; נעטקייט; חנ'עווודיגקייט; אנגענעהמקייט, גראציעז- קייט; א שעהנהייט; א שעהנע זאך אדער פערזאן; געקינסטעלטקייט.

pret'ty *a. and adv.* (פריט'-אי) היבש, שעהן, נעט, פיין; אויסגעצייכענט; עלע- גאנט, גראציעז, חנ'עוודיג; אנגענעהם; צימליך, ניש-קשה'דיג, בעדייטענד, גאנץ.

pret'tyism *n.* (פריט'-אי-איזם) גע- קינסטעלטקייט [אין מאניערען, סטיל א. ד. ג.].

pret'ty much (פריט'-אי מאטש) גאנץ בעדייטענד, גאנץ נאהנט, כמעט.

pret'typretty *n.* (פריט'-אי-פריט-אי) א שפיעלצייג, א קליינינקייט.

pretyp'ify *v.* (פרי-טיפ'-אי-פאי) פארויסזאגען, פארויסזעהן; פארשטעלען אין פארויס.

pret'zel *n.* (פרעט'-סעל) א פרעצעל, אזא געפלאכטענער טרוקען-געבאקענער בייגעל בעשאטען מיט זאלץ.

prevail' *v.* (פרי-ווייל') 1. האבען די אוי- בערהאנד, האבען די איבערמאכט; בעהער- שען; מנצח זיין, טריאומפירען; מצליח זיין, האבען ערפאלג; 2. ווירקען, האבען א ווירקונג אדער אן איינפלוס; 3. זיין פערשפרייט.

1. The Democratic Party **prevailed** in the last election. 2. We **prevailed** upon her to stay with us. 3. The **prevailing** sentiment in the West is more democratic than in the East.

prevai'ling *a.* (פרי-וויי'-לינג) 1. הער- שענד, איבערוועגענד; וואס האט א גרע- סערע ווירקונג אדער איינפלוס; 2. שטארק פערשפרייט, אלגעמיין אנגענומען.

2. Few are bold enough to oppose the **prevailing** opinions.

prevai'lingly *adv.* (פרי-וויי'-לינג-לי) מיט איבערמאכט; האבענדיג די אויבער- האנד; מיט א גרעסערער ווירקונג אדער איינפלוס; אלגעמיין, געוועהנליך, מעהר- סטענטייל.

prevail' on (פרי-ווייל' אן) ווירקען, איבערצייגען איינעם, בעוועגען צו טהאן.

He has **prevailed on** me to stay at his house.

prevail' with (פרי-ווייל' הוויטה) וויר- קען, האבען א ווירקונג; איבערצייגען, בעוועגען [צו טהאן].

Gold and silver cannot **prevail with** him.

prev'alence *n.* (פרעוו'-ע-לענס) איבער- מאכט; איבערגעוויכט; דאס האבען די אויבערהאנד [אין שטארקייט, איינפלוס, ווירקזאמקייט א. ד. ג.]; דאס זיין שטארק פערשפרייט אדער אלגעמיין אנגענומען.

prev'alency *n.* (פרעוו'-ע-לענ-סי) ז. *prevalence*.

prev'alent *a.* (פרעוו'-ע-לענט) 1. הער- שענד; איבערוועגענד, האבענדיג די אי- בערמאכט אדער די אויבערהאנד; 2. ווירק- זאם; וואס האט א ווירקונג אדער אן איינפלוס; 3. שטארק פערשפרייט; אל- געמיין אנגענומען.

.3 Smallpox is now **prevalent** in our town.

prev'alently *adv.* (פרעוו'-ע-לענט-לי) ז. *prevailingly*.

prevar'icate *v.* (פרי-ווער'-אי-קייט) זיך ארויסדרעהען פון אמת; זיך ארויס- דרעהען צו האנדלען עהרליך אדער ריכ- טיג; אויסוויכען אדער אויסמיידען צו זאגען דעם אמת; ריידען מיט'ן האלבען מויל.

prevarica'tion *n.* (פרי-ווער-אי-קיי'- שאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון אמת; דאס אויסווייכען אדער אויסמיידען צו זא- גען דעם אמת; דאס ארויסדרעהען זיך פון האנדלען עהרליך אדער ריכטיג; דאס ניט טריי זיין צו פליכטען.

prevar'icator *n.* (פרי-ווער'-אי-קיי- טאר) איינער וואס דרעהט זיך ארויס פון אמת; איינער וואס פערדרעהט דעם אמת; איינער וואס איז ניט טריי צו זיינע פליכ- טען.

prevene' *v.* (פרי-ווין') קומען אדער געהן פריהער; שטערען, הינדערען.

preve'nience *n.* (פרי-ווי'-ניענס) דאס קומען פריהער, דאס פערכאפען פריהער.

preve'nient *a.* (פרי-ווי'-ניענט) וואס קומט פריהער, וואס פערכאפט פריהער; וואס שטערט, וואס הינדערט.

prevent' *v.* (פרי-ווענט') שטערען, ניט דערלאזען, הינדערען; פערהיטען; פער- מיידען.

preventabil'ity *n.* (פרי-ווענ-טע-ביל'- אי-טי) דאס קענען פערהיטען ווערען, דאס קענען פערהינדערט אדער פערמיעדען ווע- רען.

preven'table *a.* (פרי-ווענ'-טעבל) וואס

קען בעווארענט אדער פערהיט ווערען; וואס קען געשטערט, פערמיעדען אדער געהינדערט ווערען.

preven'tative *a. and n.* (פרי-וועני'-טע-טיוו) ז. *preventive*

preven'ter *n.* (פרי-וועני'-טער) איינער וואס הינדערט אדער שטערט; איינער וואס פערהיט אדער דערלאזט ניט; א מיטעל צום פערהיטען; א רעזערווע קייט אדער שטריק אויף א שיף צום אונטערשטיצען אן אנדער קייט אדער שטריק, ווען זיי זיינען צו שטארק אנגעשטרענגט.

preven'tion *n.* (פרי-וועני'-שאן) דאס שטערען, דאס ניט לאזען; א פערהינדערונג, א מניעה, א שטערעניש; א פערהיטונג.

preven'tive *a. and n.* (פרי-וועני'-טיוו) וואס פערהינדערט, וואס דערלאזט ניט; וואס פערהיט [א קראנקהייט, א שאדען, אן אונגערעכטיגקייט א. ד. ג.]; א פערהיטונגס-מיטעל; א פערהינדערונגס-מיטעל.

preven'tively *adv.* (פרי-וועני'-טיוו-לי) אויף א שטערענדען אדער פערהיטענדען אופן; דורך פערהינדערונג, דורך פערהיטונג; אלס מיטעל צו פערהינדערען אדער צו פערהיטען.

preven'tiveness *n.* (פרי-וועני'-טיוו-נעס) דאס קענען שטערען אדער פערהינדערען; דאס קענען פערהיטען אדער ניט דערלאזען.

preven'tive ser'vice (פרי-וועני'-טיוו סויר'-ווים) די ברעג-וואך, וואס פערהיט אז מען זאל ניט אריינפיהרען קיין קאנטראבאנדע.

preview' *v.* (פרי-וויו') פארויסזעהן.

pre'vious *a.* (פרי'-ווי-אס) וואס איז געוועזן פריהער; פריהערדיג, פארהער, בעפאר.

pre'viously *adv.* (פרי'-ווי-אס-לי) פון פריהער, בעפאר, פארהער.

pre'viously to (פרי'-ווי-אס-לי טו) איידער; פריהער אלס.

pre'viousness *n.* (פרי'-ווי-אס-נעס) פריהערדיגקייט.

pre'vious ques'tion (פרי'-ווי-אס קהוועס'-טשאן) אין פארלאמענטאריזם — די פראגע אויב א פארשלאג זאל גלייך אבגעשטימט ווערען אהן ווייטערדיגע דעבאטען; שלוס דער דעבאטע.

pre'vious to (פרי'-ווי-אס טו) וואס איז געשעהן פריהער; איידער.

previse' *v.* (פרי-וואיז') פארויסזעהן; ווארנען אדער מזהיר זיין פון פריהער.

previ'sion *n.* (פרי-וויזש'-אן) דאס פארויסזעהן, דאס פארויס וויסען.

prewarn' *v.* (פרי-הוואהרן') ווארנען פון פריהער.

prex *n.* (פרעקס) ז. *prexy*

prex'y *n.* (פרעק'-סי) דער פרעזידענט פון אן אוניווערזיטעט [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

prey *n. and v.* (פריי) רויב; אוועק-גערויבטע זאכען; פערצוקונג [דאס וואס איז א רויב-טהיער פערצוקט]; דאס וואס איז אונטערגעפאלען אונטער דער מאכט פון אן אנדערען; דאס רויבען, דאס ראבעווען; ראבירונג; פערצוקונג; רויבען, ראבעווען; פערצוקען; פערניכטען, צושטערען.

prey'er *n.* (פריי'-ער) א רויבער; א פלינדערער; איינער וואס רויבט אדער פערשלינגט; א פערניכטער, א צושטערער.

prey upon' (פריי א-פאן') 1. לעבען פון רויב; רויבען; אנפאלען, פרעסען; 2. פערצעהרען, א תל מאכען, צושטערען.

1. Birds **prey upon** insects. 2. The memory of the accident **preys upon** his nerves.

pri'apism *n.* (פראי'-ע-פיזם) דער פריאפיזמוס [א קראנקהייט, ביי וועלכער דער געשלעכטליכער ארגאן איז שטענדיג אויפגערעגט און שטייף].

Pria'pus *n.* (פראי-איי'-פאס) אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע — פריאפוס, דער גאט פון בעפרוכטונג [דיעזער גאט איז געווען פארגעשטעלט אלס זעהר א העסליכער מאנספערזאן מיט אן אונגעהייער גרויסען געשלעכטס-ארגאן].

prib'ble-prab'ble *n.* (פריב'ל-פרעב'ל) פוסטער שוואץ, נארישע פלוידעריי; אומזיסטע צאנקערייי.

price *n. and v.* (פראיס) דער פרייז, דער ווערטה; דער מקח; די בעלוינונג, דער לוין; די שאצונג; שאצען, אבשאצען; פאדערען דעם מקח; אוועקשטעלען א פרייז.

price'-cur'rent *n.* (פראיס'-קאר'-ענט) א פרייז-קוראנט [א ליסטע, וואו עס זיינען אנגעגעבען די מארק-פרייזען פון פערשיעדענע סחורות].

priced *a.* (פראיסט) אבגעשאצט; מיט א בעשטימטען מקח; וואו עס זיינען אנגעדייטעט די פרייזען.

price'less *a.* (פראיס'-לעס) אהן שאץ, ניט אבצושעצען.

The bride received **priceless** wedding presents.

price'lessness *n.* (פראיס'-לעס-נעס) אונשעצבארקייט; דאס ניט האבען קיין פרייז.

price'-list *n.* (פראיס'-ליסט) ז. *price-current*

price'-mark *n.* (פראיס'-מארק) א יארליק אדער צעטעל, וואס מען קלעפט אן אויף א סחורה, אנדייטענדיג איהר פרייז.

price of subscrip'tion (פראיס אוו סאב-סקריפ'-שאן) אבאנימענט-פרייז.

prick *n. and v.* (פריק) א דינער פערשפיצטער אינסטרומענט, א שטאכעל; דאס שטעכען; א שטאך; דער צייכען אדער שפור פון א שטאך; א פונקט; דער ציעל-פונקט; דאס ציעל; דער שפור פון די טריט פון א האז אדער הירש; דאס וואס בויערט דעם מח; געוויסענסביסע; דער מענליכער געשלעכטס-ארגאן, דער גיד; אריינשטעכען, דורכלעכערען מיט א שטאכעל; זעצען אויף א שפיציגען פלאקען [אן אלטע פארם פון טויט-שטראף]; צושטעכען; ארויסקאלופען פון עפעס ווי מיט א נאדעל; א שטאך טהאן [ווי א פערד מיט די שפארען]; אנטרייבען; אויפרעגען צו עפעס; פערשאפען א שטעכיגען אדער שארפען וועהטאג; פערשפיצען אדער אנשטעלען די אויערען [ווי ביי א פערד]; פונקטירען, מאכען א פונקט; צייכנען עפעס מיט פונקטען; נאכגעהן נאך די שפורען פון די טריט [פון א האז אדער הירש]; פיהלען א שטאך; שנעל לויפען, איילען; זיין אויסגעשטרעקט ארויף-צו; זויער ווערען.

prick a hare (פריק ע העהר) נאכיאגען נאך א האז נאך זיינע פוס-שפורען איבער'ן שנעע.

prick'-eared *a.* (פריק'-איערד) מיט אויפגעשפיצטע אויערען; פוריטאניש [א הומאריסטיישער אויסדרוק].

pricked *a.* (פריקט) בעציערט מיט קליינע קארבען וואס זיינען געמאכט מיט א שפיציגען ריטעל אדער מיט די שפיציגע צייהנדלעך פון א קאם [וועגען געוויסע ליימענע און פארצעלייענע כלים].

prick'er *n.* (פריק'-ער) דאס וואס שטעכט דורך; א שטעך-אינסטרומענט; אן אהל, א שוסטער-אהל; א נאדעל; א שטאכעל, א שפילקע; איינער וואס שטעכט; איינער וואס פלעגט פארצייטענס מאטערען דורך שטעכען פרויען, וועלכע מען האט בעשולדיגט, אז זיי זיינען מכשפות; א רייטער מיט שפארען.

prick'et *n.* (פריק'-עט) א באק אדער הירש אויף'ן צווייטען יאהר; א לייכטער, אויף וועלכען מען פלעגט די ליכט ארויפשטעכען.

prick'ing *n.* (פריק'-אינג) דאס שטעכען; דאס פיהלען א שארפען אדער שטעכיגען וועהטאג; א האזען-שפור; דאס נאכיאגען נאך א האז לויט די שפורען פון זיינע טריט; דאס זויער ווערען.

prick'ing-note *n.* (פריק'-אינג-נאוט) א דאקומענט פון איינעם וואס שיקט ארויס סחורות, וועלכער בעפאלמעכטיגט דעם בריינגער פון דיעזען דאקומענט צו בעקומען זיי.

prick'ing-wheel *n.* (פריק'-אינג-הוויעל) אזא צייהניגעם רעדעל וואס זאטלער געברויכען אנצוצייכנען אויף'ן לעדער דאס ארט און די צאהל פון די שטעך, וואס דארפען אין איהם געמאכט ווערען.

prick'le *n. and v.* (פריקל) א שטאכעל, א דארן; א שפיץ, א שפיציגע זאך; א מין קארב; שטעכען, דורכשטעכען; פערורזאכען א שארפען אדער שטעכיגען וועהטאג; פונקטירען; מאכען שטעך אדער פונקטען; זיין שטעכיג.

prick'leback *n.* (פריק'ל-בעק) דער שטיכלינג, אזא פיש מיט שטאכלען אויף'ן רוקען. ז. *stickleback*

prickled *a.* (פריקלד) שטאכעלדיג, מיט שטאכלען.

prick'le-fish *n.* (פריק'ל-פיש) ז. *prickleback*

prick'liness *n.* (פריק'-לי-נעס) שטאכעלדיגקייט, דאס האבען פיעל שטאכלען.

prick'louse *n.* (פריק'-לאוס) א שניידער [א שפאט-נאמען].

prick'-lugged *a.* (פריק'-לאגד) מיט אויפגעשפיצטע אויערען.

prick'ly *a.* (פריק'-לי) שטאכעלדיג, פול מיט שטאכלען אדער דערנער; שטעכיג.

prick'ly-broom *n.* (פריק'-לי-ברוהם) ז. *furze*

prick'ly-pear *n.* (פריק'-לי-פעהר) די פרוכט פון א מין קאקטוס-פלאנצע וואס איז עהנליך צו א בארנע און איז בעדעקט מוט שטאכלען.

Prickly-pear

prick'ly-pear cac'tus (פריק'-לי-פעהר קעק'-טאס) ז. *prickly-pear*.

prick out (פריק אוט) — אין גערטנעריי איבערזעצען ארויסגעשפראצטע זאמען פון אן אראנזשעריי אין אן אפענעם גארטען.

prick'-post *n.* (פריק'-פאוסט) ז. *queen-post*.

prick'-punch *n.* (פריק'-פאנטש) ז. *center-punch*.

pricks of con'science (פריקס אוו קאנ'-שענס) געוויסענסביסע.

prick'-spur *n.* (פריק'-ספויר) א שפאָרע [איינע פון די שפארען, וועלכע א רייטער טהוט אן אויף די פיס צו שטעכען דאס פערד אום אנצוטרייבען עס].

prick'-the-louse' *n.* (פריק'-טהי-לאוס') ז. *pricklouse*.

prick'-tim'ber *n.* (פריק'-טימ'-בער) ז. *prickwood*.

prick up (פריק אפ) אויפשטעלען, אויפשפיצען [די אויערען]; זיך אויפהויבען [וועגען א ווינד]; ארויפלעגען די ערשטע פלאסטער-שיכטען.

prick up the ears (פריק אפ טהי איערז) אנשטעלען די אויערען, הערען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

prick'-wheel *n.* (פריק'-הוויעל) א שטופעל [א רעדעל מיט שפיציגע ציינער] וואס ווערט בענוצט אויסצושניידען מוסטערען פון פאפיער.

prick'wood *n.* (פריק'-הוואוד) דער שפינדעל-בוים [א קליין בוימעל אדער קוסטארניק פון מיטעל-אייראפא מיט א הארטען האלץ וואס ווערט געברויכט אין טאקער-ארבייט].

prick'y *a.* (פריק'-אי) שארף, שטאכעלדיג.

pride *n. and v.* (פראיד) שטאלץ, גאוה, הויכמוטה; גדלות; זעלבסטווירדע; דאס, מיט וואס מען קען שטאלצירען; הויכקייט, א הויכע שטעלונג, פראמינענטקייט; די פראכט פון יוגענד; פייער, ברענענדע לוסט, היציגקייט, אייפריגקייט [ספעציעל ביי יונגע חיות]; מיט עטוואס שטאלצירען; זיין שטאלץ; פאנאנדערשפרייטען די פעדערען פון עק [וועגען פויגלען].

pride'ful *a.* (פראיד'-פול) שטאלץ, מיט גאוה; העזה'דיג.

pride'fully *adv.* (פראיד'-פול-אי) אויף א שטאלצען שטייגער; העזה'דיג.

pride'fulness *n.* (פראיד'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט שטאלץ אדער גאוה.

pride'less *a.* (פראיד'-לעס) אהן שטאלץ, אהן גאוה.

prid'ian *a.* (פריד'-אי-ען) וואס איז שייך צום נעכטיגען טאג; פון נעכטען.

pri'dingly *adv.* (פראי'-דינג-לי) שטאלץ, מיט גאוה.

prie-dieu' *n.* (פרי-דיעי') א קליינער סטענדער מיט א פוס-בענקעלע, אויף וועלכען מען קען זיך שטעלען אויף די קניע [אין א קירך]; א מין היישעריק [ז. *Mantis*].

pri'er *n.* (פראי'-ער) א בעאבאכטער, א נאכפארשער; א קוקער.

priest *n. and v.* (פריסט) א כהן, א פריסטער, א גייסטליכער; אזא גאטונג אדער זארט פון הויז-טויבען; מאכען פאר א כהן אדער פריסטער.

priest'craft *n.* (פריסט'-קרעפט) די אינטריגעס און שווינדעל פון גייסטליכע.

pries'tess *n.* (פריס'-טעס) א פריסטעריִן.

priest'hood *n.* (פריסט'-הוד) דאס פריסטער-אמט, די כהונה; דער פריסטער-קלאס, די גייסטליכקייט.

priest'like *a.* (פריסט'-לאיק) פריסטעריש, פריסטערליך; ווי א פריסטער אדער גייסטליכער.

priest'liness *n.* (פריסט'-לי-נעס) פריסטערליכקייט, דאס אויסזעהן אדער די אויפפיהרונג פון א פריסטער.

priest'ly *a.* (פריסט'-לי) פריסטערליך, גייסטליך, וואס איז שייך צו א פריסטער אדער גייסטליכען.

priest'rid *a.* (פריסט'-ריד) ז. *priestridden*.

priest'ridden *a.* (פריסט'-רידן) וואס ווערט פערוואלטעט אדער אנגעפיהרט פון גייסטליכע; אונטערווארפען אונטער גייסטליכע.

prig *n. and v.* (פריג) א שורקע, א פאדלעץ; א גנב; א שוטה, א נאר; גנב'ענען; פוצען זיך, פראנטעווען.

prig'ger *n.* (פריג'-ער) א גנב.

prig'gery *n.* (פריג'-ער-אי) דאס גנב'ענען; גנבות.

prig'gish *a.* (פריג'-איש) העזה'דיג, נאכאלנע, מיט גדלות; גנב'יש, ווי א גנב.

prig'gishly *adv.* (פריג'-איש-לי). חוצפה'דיג, העזה'דיג, מיט גדלות.

prig'gishness *n.* (פריג'-איש-נעס) דאס זיין חוצפה'דיג אדער העזה'דיג.

prig'gism *n.* (פריג'-איזם) חוצפה, העזה, דאס גדל'ענען זיך; גנב'ישע שטיק; דאס זיין א גנב.

prill *n.* (פריל) א שטיק ערץ, פון וועלכען עס איז ארויסגענומען געווארען די פסלת; א בוט אדער פלאנדערקע [אזא ברייטער און פלאטשיגער ים-פיש].

prim *a., n. and v.* (פרים) שעהן, ציכטיג, געציערט, געקינסטעלט; דער הארטריגעל [א מין בוימעל. ז. *privet*]; זיך פוצען, ציערען.

pri'ma *a.* (פרי'-מא) וואס איז דער ערשטער אדער די ערשטע.

pri'macy *n.* (פראי'-מע-סי) דאס אמט אדער די ווירדע פון אן אויבער-בישאף; דאס זיין דער ערשטער; דאס שטעהן בראש.

pri'ma don'na (פרי'-מא דאנ'-א) די פרימאדאנא, די ערשטע אדער הויפט-זינגערין אין אפערע.

pri'ma fa'cie (פראי'-מא פיי'-שי-אי) אויף'ן ערשטען בליק.

pri'ma fa'cie case (פראי'-מא פיי'-שי-אי קיים) אין יוריספרודענץ — אן אנקלאגע וואס האט גענוג גרינדע איבערגעגעבען צו ווערען צו די געריכטס-געשווארענע.

pri'ma fa'cie ev'idence (פראי'-מא פיי'-שי-אי עוו'-אי-דענס) אין יוריספרודענץ — א גענוגענדער בעווייז פאר אן אנקלאגע אום זי זאל איבערגעגעבען ווערען צו די געריכטס-געשווארענע.

pri'mage *n.* (פראי'-מעדזש) א געוויסער פראצענט פון פראכט-געלד וואס ווערט אבגעגעבען דעם קאפיטאן פון א האנדעלס-שיף; די קוואנטיטעט פון וואסער וואס ווערט נוצלאז פערשוועדעט אין קעסעל פון א דאמפף-מאשין [ווי דורך מיטגעשלעפט ווערען מיט דעם דאמפף אין צילינדער א. ז. וו.].

pri'mal *a.* (פראי'-מעל) ערשט; אורשפרינגליך; פון די ערשטע; פרימיטיוו; וואס איז שייך צום מין פלאנצען-חיות [ז. *Primalia*].

Prima'lia *n.* (פראי-מיי'-לי-א) דער מין פלאנצען-חיות [דער מין בעשעפעניששען, ווי למשל, שוואמען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א צווישען-שטופע צווישען פלאנצען און חיות].

Prima'ria *n.* (פראי-מיי'-רי-א) ז. *Primates*.

prima'ria *n.* (פראי-מיי'-רי-א) איינע פון די לאנגע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל.

pri'marily *adv.* (פראי'-מע-רי-לי) אנפאנגליך, צוערשט, ראשית.

pri'mariness *n.* (פראי'-מע-רי-נעס) אנפאנגליכקייט, צוערשטקייט; דאס זיין אורשפרינגליך אדער פרימיטיוו.

pri'mary *a. and n.* (פראי'-מע-רי) ערשט; אורשפרינגליך; פארנעהמסט; עלעמענטאר; דער ערשטער, דאס ערשטע, איינער אדער עפעס וואס שטעהט בראש; איינע פון די לאנגע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל; איינער פון די פאדער-פליגלען ביי אן אינזעקט; א פערזאמלונג פון בירגער — מיטגליעדער פון איין פארטיי — צו נאמינירען קאנדידאטען פאר די צוקינפטיגע וואהלען.

pri'mary assem'bly (פראי'-מע-רי ע-סעמ'-בלי) די אורוועהלער-פערזאמלונג [א פערזאמלונג, אין וועלכער יעדער בירגער קען נעהמען אנטייל, אין געגענזאץ צום פארלאמענט, וואו עס קומען זיך צונויף נור די ערוועהלטע פארשטעהער פון די בירגער].

pri'mary col'ors (פראי'-מע-רי קאל'-ארז) אין פיזיק — די גרונד-פארבען פון ספעקטרום [רויט, בלוי און גרין].

pri'mary educa'tion (פראי'-מע-רי עד-יו-קיי'-שאן) די עלעמענטאר-בילדונג.

pri'mary elec'tions (פראי'-מע-רי אי-לעק'-שאנז) די פאר-וואהלען [דאס וועהלען אויף א פערזאמלונג פון בירגער — מיטגליעדער פון איין פארטיי — די קאנדידאטען, וועלכע זאלען געשטעלט ווערען אויף'ן באלאט אדער שטים-צעטעל].

pri'mary ev'idence (פראי'-מע-רי עוו'-אי-דענס) אין יוריספרודענץ — די הויפט אדער די בעסטע צייגניסע פון עפעס [ווי אין דער פראגע וועגען דעם אינהאלט פון א געוויסען דאקומענט איז די ערשטע אדער די הויפט צייגניס דער דאקומענט אליין].

pri'mary quills (פראי'-מע-רי קהווילז) די לענגסטע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל.

pri'mary rocks (פראי'-מע-רי ראקס) די אוראלטע פעלזען [די פעלזען, וועלכע האבען זיך אויסגעבילדעט אין די ערשטע צייטען פון דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד].

pri'mary school (פראי'-מע-רי סקוהל) אן אנפאנגס-שול, עלעמענטאר-שול.

pri'mary symp'toms (פראי'-מע-רי סימפ'-טאמז) די ערשטע סימפטאמען אדער סמנים [ווי פון א קראנקהייט].

pri'mate *n.* (פראי'-מייט) אן פרימאס, אן ערצבישאף, אן אויבערבישאף; אין זאאלאגיע — איינער פון די פרימאטען [ז. *Primates*].

Prima'tes *n.* (פראי-מיי'-טיז) די פרימאטען, דער קלאס זויג-טהיערע, ביי וועלכע איינער פון די כאראקטעריסטישע סמנים איז דער בעוועגליכער גראבער פינגער וואס שטעהט אנטקעגען די איבריגע פינגער, וואס דאס גיט זיי די מעגליכקייט אנצונעהמען פעסט זאכען [צו דיעזען

קלאס געהערען מענשען, אפען און לעמורען].

pri'mateship *n.* (פראי-מייט-שיפ) דאס אמט אדער ווירדע פון א פרימאס אדער ערצבישאף.

prima'tial *a.* (פראי-מיי'-שעל) וואס איז שייך צו די פרימאטען אדער צום העכערען קלאס זויג-טהיערע, צו וועלכע עס בעלאנגען די מענשען, אפען און לעמורען; וואס איז שייך צו א פרימאס אדער ערצבישאף.

primat'ic *a.* (פראי-מעט'-איק) וואס איז שייך צו די פרימאטען. ז. *Primates*.

primat'ical *a.* (פראי-מעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א פרימאס אדער ערצבישאף.

prime *a., n. and v.* (פראים) ערשט; וואס איז דער ערשטער אדער די ערשטע; אורשפרינגליך, פרימיטיוו, אריגינאל; וואס איז דער הויפט, דער וויכטיגסטער אדער בעסטער; אין מאטעמאטיק—וואס איז פרים אדער אנפאנגליך [וועגען א צאהל, וואס קען זיך טיילען אהן א רעשט נור אויף זיך אדער אויף איינס, ווי למשל: 3, 5, 7, 11, 13 א. ז. וו.]; דער אנפאנג, די ערשטע צייט; דער פריהלינג, דער טאגעסאנברוך, דער פריהמארגען; די בליהונגס-צייט פון לעבען, די יוגענד; דער בעסטער טייל פון עפעס, דער קערן, דער עיקר; אין געפעכט — די ערשטע פאזיטורע אדער לאגע פון קערפער ביים פעכטען זיך מיט שווערדען; אין מאטעמאטיק — די פרים-צאהל [א צאהל וואס קען זיך ניט טיילען אויף אנדערע אהן א רעשט]; דער שפור פון די טריט פון א הירש; אין כעמיע — די צאהל, וועלכע דריקט אויס די מישונג-פערהעלטניסע פון צוויי אדער עטליכע כעמישע עלעמענטען; דער צינד-מאטעריאל פון א ביקס אדער הארמאט, צוליעב וועלכען דער פאטראן עקספלאדירט; אריינלעגען אין א ביקס אדער הארמאט צינד-פולווער; אין א דאמפף-מאשין — מיטנעהמען היים וואסער פון קעסעל אין צילינדער [ווי עס טרעפט זיך ביי אן אוננארמאלען צושטאנד פון דער מאשין, ווען צוזאמען מיט'ן דאמפף ווערט אריינגעצויגען אין צילינדער אויך זודיג וואסער]; ביי מאלען א בילד — גרונטעווען, לעגען די ערשטע פארב אויף'ן לייווענד; צופערטיגען, צוגרייטען.

prime and load (פראים ענד לאוד) זיין גרייט צו מלחמה.

prime condi'tion (פראים קאנ-דיש'-אן) דער בעסטער צושטאנד.

prime cost (פראים קאהסט) קאסט-פרייז, איינקויפס-פרייז, דער קרן.

primed *a.* (פראימד) שכור.

prime'ly *adv.* (פראימ'-לי) פארטרעפליך; אויסגעצייכענט.

prime min'ister (פראים מינ'-איס-טער) דער פרעמיער-מיניסטער [דער הויפט פון מיניסטארען-קאבינעט].

prime'ness *n.* (פראימ'-נעס) די בכורה, בכורה'שאפט, דער פארצוג.

prime of life (פראים אוו לאיף) די בליהונגס-צייט פון לעבען, די צייט פון העכסטער טהעטיגקייט.

At forty a man may still be in the **prime** of life.

prime of the moon (פראים אוו טהי מוהן) ניי-חדש, ניי-מאנד [די ערשטע וואך פון חדש].

pri'mer *n.* (פראי'-מער) א פאררריכטונג אין א ביקס, הארמאט אדער אין א מינע, דורך וועלכער דאס אופרייסונגס-מאטעריאל עקספלאדירט.

prim'er *n.* (פרימ'-ער) אן אנפאנגס-בוך פאר קינדער, אן אלף-בית; א געבעט-בוך [ביי די קאטוילִיקען]; פרימער [א מין דרוק-שריפט].

prime'ro *n.* (פרי-מי'-ראו) פרימא-שפיעל [אן אלטפרענקישעס קארטען-שפיעל].

prime'val *a.* (פראי-מי'-וועל) ערשט, אורשפרינגליך, פון די ערשטע דורות; פרימיטיוו.

prime'val for'est (פראי-מי'-וועל פאר'-עסט) אן אור-וואלד, א וואלד פון די אוראלטע צייטען, א וואלד וואס איז נאך קיין מאל ניט געהאקט געווארען.

prime'vally *adv.* (פראי-מי'-וועל-אי) אורשפרינגליך; נאך פון די אוראלטע צייטען.

prime'vous *a.* (פראי-מי'-וואס) ז. *primeval*.

primige'nial *a.* (פראי-מי-דזשי'-ני-על) פון דער ערשטער ארויסשטאמונג; צום ערשטען מאל געבארען; וואס איז שייך צו די חיות, וועלכע האבען אנגעהאלטען דעם טיפ אדער די פארם פון מין ווי ער האט אויסגעזעהן ביי זיין ערשטער ארויסשטאמונג.

primige'nious *a.* (פראי-מי-דזשי'-ני-אס) ז. *primigenous*.

primig'enous *a.* (פראי-מידזש'-ע-נאס) אורשפרינגליך, ערשט.

primigrav'ida *n.* (פראי-מי-גרעוו'-אי-דא) א פרוי וואס איז שוואנגער דאס ערשטע מאל.

primin'ary *n.* (פראי-מינ'-ע-רי) ז. *priminery*.

promin'ery *n.* (פראי-מינ'-ע-רי) א פערלעגענהייט; א שווערע לאגע.

pri'ming *n.* (פראי'-מינג) דאס מאטעריאל אדער די פאררריכטונג וואס ווירקט אויף'ן פולווער פון א שיס-געוועהר אדער פון א מינע עס זאל עקספלאדירען אדער אויפרייסען; ביי מאלער — די גרונטאווקע, די ערשטע פארב וואס ווערט געלעגט אויף'ן לייוועגד פון א בילד; אין א דאמפף-מאשין — דאס זודיגע וואסער, וואס ווערט אריינגעצויגען צוזאמען מיט'ן דאמפף אין צילינדער פון קעסעל; אריינציהונג פון זודיגען וואסער צוזאמען מיט'ן דאמפף אין צילינדער פון א קעסעל; א קליינינקייט, א גארנישט [אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש].

pri'ming-horn *n.* (פראי'-מינג-האהרן) א פולווער-הארן.

pri'ming-i'ron *n.* (פראי'-מינג-אי'-ערן) א פולווער-דראט [א שפיציגער דראט צום אויפריהרען און מאכען עקספלאדירען דאס שיס-פולווער אין א שיס-געוועהר].

pri'ming-pow'der *n.* (פראי'-מינג-פאו'-דער) דאס צינד-פולווער פון א שיס-געוועהר.

pri'ming-var'nish *n.* (פראי'-מינג-וואר'-ניש) דער ערשטער לאק, וועלכען מען לעגט אלס גרונט אויף א לייוועגד, אויף וועלכען מען מאלט א בילד.

pri'ming-wire *n.* (פראי'-מינג-הוואיר) ז. *priming-iron*.

primip'ara *n.* (פראי-מיפ'-ע-רא) אן ערשטלינג, א פרויענצימער וואס האט דאס ערשטע מאל געהאט א קינד.

primipi'lar *a.* (פראי-מי-פאי'-לאר) וואס איז שייך צום ערשטען צענטוריאן [אטריאד] פון א לעגיאן סאלדאטען [ביי די אלטע רוימער].

primi'tiæ *n.* (פראי-מיש'-אי-אי) די ערשטלינגע אדער בכורים; די ערשטלינגס-פרוכטען; די ערשטע פרוכטען פון דער ערד, וועלכע מען פלעגט אוועקגעבען דער קירך; די פליסיגקייט וואס קומט ארויס פאר דער געבורט פון א קינד.

primi'tial *a.* (פראי-מיש'-על) וואס איז שייך צו די ערשטלינגע אדער בכורים. ז. *primitiæ*.

prim'itive *a. and n.* (פרימ'-אי-טיוו) פרימיטיוו, אורשפרינגליך, פון דעם ערשטען אנפאנג; אלטפרענקיש, פון פארצייטען, איינפאך, אהן קונסט; אין גראמאטיק — ווארצעלהאפט [וועגען אווארט, וואס האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט]; אין ביאלאגיע — רודימענטאר, וואס בעצייכענט דעם אנפאנג אדער דעם ארויסגאנגס-פונקט אין דער ענטוויקלונג פון אן ארגאניזם אדער פון א מין; אין געאלאגיע—פון די ערשטע פארמאציאנען אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד; אין גראמאטיק— א ווארצעל-ווארט [א ווארט וואס האט א זעלבסטשטענדיגע אבשטאמונג און האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט]; אין מאטעמאטיק — א געאמעטרישע אדער אלגעבראאישע פארם, פון וועלכער עס שטאמען אב אדער בילדען זיך אויס אנדערע פארמען.

prim'itive church (פרימ'-אי-טיוו טשוירטש) די אור-קירך [די קירך פון די ערשטע קריסטליכע געמיינדען].

prim'itive col'ors (פרימ'-אי-טיוו קאל'-ארז) די גרונד-פארבען [רויט, בלוי און גריז, פון וועלכע עס ווערען צונויפגעשטעלט די אלע מעגליכע פארבען].

prim'itive fa'thers (פרימ'-אי-טיוו פא'-טהערז) די לעהרער פון קריסטענטום פון די ערשטע דריי יאהרהונדערטע.

prim'itively *adv.* (פרימ'-אי-טיוו-לי) אורשפרינגליך; פון אנהויב אן; אריגינעל; אויף אן אלטפרענקישען שטייגער; ווי אין די אלטע צייטען.

prim'itiveness *n.* (פרימ'-אי-טיוו-נעס) אורשפרינגליכקייט; איינפאכקייט; אלטפרענקישקייט.

prim'itive qual'ity (פרימ'-אי-טיוו קהוואל'-אי-טי) אן אייגענשאפט וואס קען ניט בעטראכט ווערען אלס רעזולטאט פון אן אנדער אייגענשאפט; אן אריגינעלע אייגענשאפט.

prim'itive rocks (פרימ'-אי-טיוו ראקס) די אור-פעלזען [די פעלזען פון די ערשטע עפאכען אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד].

prim'itive word (פרימ'-אי-טיוו הווארד) אין גראמאטיק — דאס ווארצעל-ווארט [א ווארט, וואס האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט].

primitiv'ity *n.* (פרימ-אי-טיוו'-אי-טי) ז. *primitiveness*.

pirm'ly *adv.* (פרימ'-לי) אויף אן אויסגעציערטען, אוסגעפוצטען שטייגער; מיט גדלות.

prim'ness *n.* (פרימ'-נעס) געציערטקייט, געקינסטעלטקייט.

pri'mo *n.* (פרי'-מאו) אין מוזיק — דער ערשטער אדער הויפט-טייל [ווי אין א דועט אדער טריא].

primogen'ital *a.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טעל) ז. *primogenitary*.

primogen'itary *a.* (פראי-מא-דזשענ'-

אי-טע-רי) וואס איז שייך צו די רעכטען פון אן ערשט-געבארענעם אדער בכור.

primogen'itive *a.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טיוו) וואס איז שייך צו דער ערשט-געבורט אדער בכורה.

primogen'itor *n.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טאר) אן אור-פאטער, א שטאם-פאטער.

primogen'iture *n.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טשור) ערשט-געבורט; די בכורה; דאס ירושה-רעכט פון א בכור.

primogen'itureship *n.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טשור-שיפ) די לאגע אדער דאס רעכט פון א בכור.

primor'dial *a. and n.* (פראי-מאהר'-די-על) וואס איז דער ערשטער פון דער רייהע; אורשפרינגליך, אנפאנגליך; דער ערשטער עלעמענט פון עפעס; דער אנהויב; די ערשטע סבה.

primordial'ity *n.* (פראי-מאהר-די-על'-אי-טי) דאס זיין דער ערשטער; דאס ניט בעקומען זיך פון קיין אנדער זאך.

primor'dially *adv.* (פראי-מאהר'-די-על-אי) אורשפרינגליך; פון אנהויב אן; צום ערשטען אנפאנג.

primor'dial state (פראי-מאהר'-די-על סטייט) דער אורשטאנד, דער פרימי-טיווער צושטאנד.

primor'diate *a.* (פראי-מאהר'-די-אייט) אורשפרינגליך; וואס עקזיסטירט פון אנפאנג אן.

primp *v.* (פרימפ) פוצען זיך, ציערען זיך.

prim'py *a.* (פרימ'-פי) געציערט, שעהן געקליידעט.

prim'rose *n. and a.* (פרימ'-ראוז) די שליסעל-בלום [א מין אייראפעאיש גראז, וואס בליהט פריה אין פריהלינג, מיט געלבע בליהונגען, וועלכע האלטען זיך אויף זעהר א קורצען שטענגעל און שטאר-צען ארויס פון א בינטעל ברייטע בלע-טער]; וואס איז שייך צו א שליסעל-בלום; עהנליך צום קאליר פון א שלי-סעל-בלום [בלייך-געלב]; בליהענד; פרעהליך, מונטער.

Primrose

prim'rose-col'ored *a.* (פרימ'-ראוז-קאל'-ארד) פון דעם קאליר פון א שלי-סעל-בלום; העל-געלב. ז. *primrose*

prim'rosed *a.* (פרימ'-ראוזד) בעדעקט אדער בעציערט מיט שליסעל-בלומען. ז. *primrose*

Prim'rose League (פרימ'-ראוז ליעג) א קאנסערוואטיווער פעראיין אין ענגלאנד פון די אנהענגער און פערעהרער פון לארד ביקאנספיעלד [דער פעראיין האט געטראגען דיעזען נאמען, ווייל די "פרימ-ראז" אדער שליסעל-בלום איז געוועזען בי-קאנספיעלד'ס ליעבלינגס-בלום].

Prim'ula *n.* (פרימ'-יו-לא) א מין גראז-ארטיגע גראז-פלאנצע מיט העל-געלבע בליהונגען און מיט לאנגליך-ברייטע בלעטער, וועלכע וואקסען פארוייז אויף די שטענגלעך.

pri'mus *n.* (פראי'-מאס) דער ערשטער; דער הויפט; דער העכסטער צווישען אלע בישאפען אין דער עפיסקאפאלער קירך אין שאטלאנד.

pri'mus in'ter pa'res (פראי'-מאס אינ'-טער פיי'-ריז) דער ערשטער צווישען גלייכע [א הויפט אדער הערשער, וועלכער האלט זיך ווי א גלייכער מיט די אונ-טערגעארדענטע אדער אונטערטהאנען].

prince *n. and v.* (פרינס) א פרינץ; א קרוינפרינץ; א פירסט; א הערשער, א קעניג; דער פארנעהמסטער אין זיין פאך; זיך אויפפיהרען ווי א פרינץ, זיך מאכען פאר א גרויסען פריץ.

Prince Al'bert coat (פרינס על'-בערט קאוט) א פרינץ-אלבערט, א סטאן-ראק, א טאליע-ראק, א סורדוט.

prince con'sort (פרינס קאנ'-סאהרט) דער מאן פון א הערשענדער קעניגין.

prince'dom *n.* (פרינס'-דאם) פירסטענ-טום, פרינצענטום, פרינצען-שטאנד; הער-שער-שטאנד, קעניגליכער שטאנד; א מלאכים-קלאס [אין דער קריסטליכער טעאלאגיע].

prince'hood *n.* (פרינס'-הוד) דער ראנג אדער ווירדע פון א פרינץ, פירסט, הער-שער אדער קעניג.

prince impe'rial (פרינס אימ-פי'-רי-על) דער קרוינפרינץ פון אן אימפעריע.

prince'kin *n.* (פרינס'-קין) א פרינצעל, א פירסטעל, א הערשערעל, א קעניגעל.

prince'less *a.* (פרינס'-לעס) אהן א פרינץ, פירסט, הערשער אדער קעניג.

prince'let *n.* (פרינס-לעט) ז. *princekin*

prince'like *a.* (פרינס'-לאיק) ווי א פרינץ, פרינצליך, פירסטליך.

prince'liness *n.* (פרינס'-לי-נעס) פירסטליכקייט, די פירסטליכע בענעהמונג, פירסטליכער אדער קעניגליכער גלאנץ.

prince'ling *n.* (פרינס'-לינג) ז. *princekin*

prince'ly *a. and adv.* (פרינס'-לי) פרינצליך, פירסטליך, קעניגליך; אויף א פירסטליכען אדער קעניגליכען אופן.

prince of dark'ness (פרינס אוו דארק'-נעס) דער פירסט פון שאטען-לאנד, דער אשמדאי.

Prince of Peace (פרינס אוו פיעס) יעזוס קריסטוס.

prince of the blood (פרינס אוו טהי בלאד) דעם קעניג'ס א זוהן, א ברודער אדער אן אנקעל.

Prince of the Captiv'ity (פרינס אוו טהי קעפ-טיוו'-אי-טי) דער ראש גלותא [דער טיטול פון דעם הויפט און פערטרעטער פון די אידען אין מעסאפא-טאמיען, נאך'ן צווייטען חורבן].

prince of the sen'ate (פרינס אוו טהי סענ'-אייט) דער סענאטאר אין פאר-צייטיגען רוים, וועמעס נאמען מען פלעגט צום ערשטען פארלייענען פון דער ליסטע [געוועהנליך איז ער געוועזען א קאנסול אדער צענזאר].

Prince of Wales (פרינס אוו הוויילז) דער טיטול פון דעם ענגלישען טהראן-פאלגער אדער קרוינפרינץ.

Prince of Wales feath'ers (פרינס אוו הוויילז פעטה'-ערז) א בינטעל פון דריי שטרויס-פעדערען.

Prince'-of-Wales's'-feath'er *n.* (פרינס'-אוו-הוויילז'-פעטה'-ער) ז. *prince's-feather*

prin'ceps *a. and n.* (פרינ'-סעפס) וואס איז דאס ערשטע אדער אריגינעלע; וואס איז געדרוקט צום ערשטען, וואס בעלאנגט צו דער ערשטער אויסגאבע [פון א בוך]; א הויפט; דאס הויפט, דאס ערשטע, דאס אריגינעלע; אן ערשטע אויסגאבע [פון א בוך].

prince roy'al (פרינס ראי'-על) דער קרוינפרינץ, דער טהראן-פאלגער, דעם קעניג'ס עלטסטער זוהן.

prin'ce's-feath'er *n.* (פרינ'-סעז-פעטה'-ער) דער פורפור-פארביגער אמא-ראנט [אזא שעהנע זיד-אמעריקאנישע פלאנצע מיט קליינע רויטע בלימעלעך].

prin'cess *n.* (פרינ'-סעס) א פרינצעסין; א פירסטין; א הערשערין, א קעניגין.

princesse' *a.* (פרינ-סעס') דעם פאסאן פון א פרינצעסין-קלייד [אזא שטייף-פאסענדעם פרויען-קלייד פון איין שטיק].

prin'cess of the blood (פרינ'-סעס אוו טהי בלאד) דעם קעניג'ס אדער דער הערשענדער קעניגין'ס א טאכטער, א שוועסטער אדער א מוהמע.

prin'cess roy'al (פרינ'-סעס ראי'-על) דעם קעניג'ס עלטסטע טאכטער, די קרוינ-פרינצעסין.

prin'cified *a.* (פרינ'-סי-פאיד) וואס קארטשעט פון זיך א פרינץ; וואס וויל אויסזעהן ווי א פירסט.

prin'cipal *a. and n.* (פרינ'-סי-פעל) הויפט; וואס איז דאס העכסטע אדער וויכטיגסטע; א הויפט; איינער וואס שפיעלט די הויפט-ראלע, וואס נעהמט דעם נאהנטסטען אנטייל אדער איז אם נעהנט-סטען פעראינטערעסירט אין עפעס; א פארזיצענדער, א דירעקטאר; א הויפט פון א לעהר-אנשטאלט; אין יוריספרו-דענץ — איינער וואס גיט געזעצליכע פאל-מאכט; איינער פאר וועמען מען איז ערב; איינער וואס האט אנטייל גענומען אין א פערברעכען; דער קרן, דער קא-פיטאל; געלד וואס ברייננט פראצענט; אין מוזיק — א סאלא-זינגער אדער סאלא-שפיעלער; א מין טרומייט; דער הויפט-מאטיוו אדער געדאנק פון א קונסט-ווערק; אן אריגינעלעם קונסט-ווערק.

prin'cipal and in'terest (פרינ'-סי-פעל ענד אינ'-טער-עסט) דאס קאפיטאל און פראצענטען.

principal'ities *n.* (פרינ-סי-פעל'-אי-טיז) א מלאכים-קלאס [אין דער קריסטלי-כער טעאלאגיע].

principal'ity *n.* (פרינ-סי-פעל'-אי-טי) א פירסטענטום; א קעניגרייך; הערשאפט, אויבער-הערשאפט; א פירסט, א פרינץ, א הערשער.

prin'cipally *adv.* (פרינ'-סי-פעל-אי) הויפטזעכליך, בעזונדערס.

prin'cipalness *n.* (פרינ'-סי-פעל-נעס) ערשטקייט, הויפטקייט, פאר-ראנג.

prin'cipalship *n.* (פרינ'-סי-פעל-שיפ) דער שטאנד אדער דער ראנג פון א הויפט אדער פון איינעם וואס פערנעהמט דעם ערשטען פלאץ אין עפעס.

prin'cipate *n.* (פרינ'-סי-פייט) הער-שאפט, אויבערהערשאפט; א פירסטענ-טום.

prin'cipes *n.* (פרינ'-סי-פיז) הויפט-לינגע; די ערשטע אדער וויכטיגסטע; די ערשטע אויסגאבען פון א בוך. ז. *princeps*

princip'ia *n.* (פרינ-סיפ'-אי-א) די ערשטע פרינציפן, די ערשטע גרונד=זעצע, גרונד=עלעמענטן, גרונד=יסודות.

princip'ial *a.* (פרינ-סיפ'-אי-על) עלעמענטאר, וואס איז שייך צו די גרונד=עלעמענטן אדער ערשטע פרינציפן.

princip'iant *a. and n.* (פרינ-סיפ'-אי-ענט) וואס איז שייך צו די גרונד=פרינציפן; וואס איז שייך צום אנפאנג; אן אנפאנגער.

princip'iate *v.* (פרינ-סיפ'-אי-אייט) אנפאנגען, ארויסרופן, ארויסברייגנען.

principia'tion *n.* (פרינ-סיפ-אי-איי'-שאן) אנאליז, צוגליעדערונג, פאנאנדערלעגונג פון שטאפען אויף זייערע כעמישע עלעמענטן.

prin'ciple *n. and v.* (פרינ'-סיפל) 1. א פרינציפ, א רעגעל, א כלל, אן אנגענומענע ווארהייט, א יסוד, א גרונד=זאץ, א גרונד=עלעמענט; 2. אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט; 3. איינגעבארענע גייסטיגע פעהיגקייט; 4. אורזאכע, אור=קוועלע, אור=שטאף; 5. גרונד, גרונד=געדאנק; 6. אין כעמיע — א בעשטאנדטייל; 7. א נאטור=געזעץ, א נאטירליכע איינגענשאפט [וועלכע מען קען ניט, לויט'ן געזעץ, פאטענטירען]; פעסטשטעלען בעשטימטע פרינציפען אדער כללים; איבערגעבען איינעם געוויסע פרינציפען.
2. He is a man of **principle**. 5. In **principle** I agree with you.

prin'ciple of causal'ity (פרינ'-סיפל אוו קאה-זעל'-אי-טי) דאס קאוזאליטעטס=געזעץ. ז. ***law of causation***

prink *v.* (פרינק) זיך פוצען, זיך ציערען; פוצען, בעציערען.

prin'ker *n.* (פרינ'-קער) איינער וואס פוצט זיך.

prin'kum-pran'kum *n.* (פרינ'-קאם-פרענ'-קאם) אזא מין טאנץ.

print *v. and n.* (פרינט) 1. דרוקען; אין פאטאגראפיע — מאכען א בילד פון נעגאטיוו; אבדרוקען; שטעמפלען; 2. נאכשרייבען געדרוקטע בוכשטאבען; 3. כאראקטעריזירען אלס...; 4. דרוק; א געדרוקטע אדער געשטעמפעלטע זאך; עטוואס וואס האט אויף זיך אבגעשטעמפעלטע אוזארען; קאליקא, קאטון אדער ציץ מיט אוזארען; א בוך, א צייטשריפט; א שטעמפעל; א גראווירע; א פאטאגראפישעם בילד; אן אבדרוק, א שפור.
2. The child can **print**, but has not learned to write yet. 3. He was **printed** a coward.

print'-cloth *n.* (פרינט'-קלאהטה) ציץ [קאטון] איידער מען דרוקט אויף דעם אב די אוזארען.

print'-cut'ter *n.* (פרינט'-קאט'-ער) אן אינסטרומענט ארומצושניידען פאטאגראפישע בילדער.

prin'ter *n.* (פרינ'-טער) א דרוקער, א בוך=דרוקער; אן ארויסגעבער; א טעלעגראפישער אינסטרומענט, וואו די צייכענס בעשטעהן פון געדרוקטע בוכשטאבען.

prin'ter's dev'il (פרינ'-טערז דעוול) א שיק=אינגעל אין א דרוקעריי.

prin'ter's flow'er (פרינ'-טערז פלאו'-ער) א בוך=בעציערונג, א ווינעטקע.

prin'ter's rea'der (פרינ'-טערז ריע'-דער) דער קארעקטאר.

prin'ters' ream (פרינ'-טערז ריעם) א ריען פאפיער פון 560 בויגען [אנשטאט די געוועהנליכע 480].

prin'tery *n.* (פרינ'-טער-אי) א פאבריק וואו מען דרוקט ציץ [קאטון]; א דרוקעריי.

print'-field *n.* (פרינט'-פיעלד) א פאבריק וואו מען מאכט אוזארען אויף קאטון [ציץ] אדער אויף טאפעטען [אביטשעס, שפאליר].

print'-hol'der *n.* (פרינט'-האול'-דער) א געשטעל אדער א מאלבערט פאר א פאטאגראפיע אדער גראווירע.

prin'ting *n.* (פרינ'-טינג) דאס דרוקען; דאס מאכען אוזארען [אויף ציץ, ליימענע כלים א. ז. וו.]; דרוקער=קונסט, בוך=דרוקער=קונסט; מודעות, אפישען א. ז. וו. פון א טעאטער.

prin'ting-bod'y *n.* (פרינ'-טינג-באד'-אי) ליימענע כלים, אויף וועלכע מען דארף ערשט ארויפציהען מוסטערען [אוזארען].

prin'ting-frame *n.* (פרינ'-טינג-פריים) א ראהם, אין וועלכען מען שליסט איין דאס פאטאגראפישע גלאז, אום צו בעקומען א בילד.

prin'ting-house *n.* (פרינ'-טינג-האוס) ז. ***printing-office***

prin'ting-ink *n.* (פרינ'-טינג-אינק) דרוק=טינט, דרוק=פארב.

prin'ting-machine' *n.* (פרינ'-טינג-מע-שין') א דרוק=מאשין, א שנעל=פרעס.

prin'ting-of'fice *n.* (פרינ'-טינג-אפ'-איס) א דרוקעריי.

prin'ting-pa'per *n.* (פרינ'-טינג-פיי'-פער) דרוק=פאפיער, בוך=דרוקער=פאפיער.

prin'ting-press *n.* (פרינ'-טינג-פרעס) א דרוק=פרעס.

prin'ting ream (פרינ'-טינג ריעם) ז. ***printers' ream***

prin'ting-tel'egraph *n.* (פרינ'-טינג-טעל'-אי-גרעף) א דרוק=טעלעגראף [א טעלעגראף ביי וועלכען די טעלעגראמען ווערען פון אפאראט איבערגעגעבען דורך בוכשטאבען אנשטאט די אנגענומענע טעלעגראפישע צייכענס].

prin'ting-type *n.* (פרינ'-טינג-טאיפ) דרוק=שריפט.

prin'ting-wheel *n.* (פרינ'-טינג-הוויעל) א ראד מיט בוכשטאבען אדער נומערען אין א נומערירונג=מאשין [א מאשין וואס נומערירט אויטאמאטיש די בלעטער פון ביכער, בילעטען א. ז. וו.].

print'less *a.* (פרינט'-לעס) וואס האט אויף זיך ניט קיין שפור אדער אבדרוק; וואס נעהמט ניט אויף קיין אבדרוק; וואס מאכט ניט קיין אבדרוק, וואס לאזט ניט קיין שפור.

print'-room *n.* (פרינט'-רוהם) א צימער, וואו מען האלט זאמלונגען פון ארטיסטישע דרוק=זאכען, בילדער און גראווירען.

print'-sell'er *n.* (פרינט'-סעל'-ער) א הענדלער פון ארטיסטישע דרוק=זאכען, א גראווירען=פערקויפער.

print'-shop *n.* (פרינט'-שאפ) א גראוויר=האנדלונג, א פלאץ וואו מען האנדעלט מיט ארטיסטישע דרוק=זאכען און גראווירען.

print'-works *n.* (פרינט'-הוואירקס) א פאבריק וואו עס ווערען געדרוקט די מוסטערען אויף קאטון [ציץ] און אויף טאפעטען [שפאליר, אביטשעס].

Pri'onus *n.* (פראי'-א-נאס) א מין גרויסע זשוקעס [קעפערס] מיט לאנגע פיהלערנער וואס זיינען זעהר שעדליך פאר פלאנצען.

pri'or *a. and n.* (פראי'-אר) פריהער, פריהעריג; העכער אין ראנג אדער ווירדע; א הויפט; א פריאר [אן אויפזעהער פון א מאנאסטיר פון קלענערער וויכטיגקייט].

pri'orate *n.* (פראי'-אר-אייט) פריאראט [דאס אמט, דער ראנג אדער ווירדע פון א פריאר. ז. ***prior***]; די צייט וואס מען האלט אן א פריאראט.

pri'oress *n.* (פראי'-אר-עס) א פריארין, אן אויפזעהערין פון א מאנאסטיר פון קלענערער וויכטיגקייט.

prior'ity *n.* (פראי-אר'-אי-טי) פריאריטעט, ערשטקייט; פריהעריגקייט; דאס זיין בילכער; דאס זיין העכער אין ראנג אדער ווירדע; דאס זיין א פריארי [ניט בעגרינדעט מיט פאקטען, נאר דער שכל זאל מחיב זיין, אז עס איז אזוי].

prior'ity of birth (פראי-אר'-אי-טי אוו בוירטה) די בכורה.

pri'orly *adv.* (פראי'-אר-לי) פריהער, פאר דעם.

pri'orship *n.* (פראי'-אר-שיפ) א פריאראט. ז. ***priorate***

pri'ory *n.* (פראי'-אר-אי) א מאנאסטיר פון ווניגער וויכטיגקייט.

pri'sage *n.* (פראי'-זעדזש) דאס צונעהמען א טייל פון עפעס פאר דעם קעניג; דאס רעכט צוצונעהמען א טייל פון איינגענומענע, הויפטזעכליך פון אריינגעפיהרטע סחורות, פאר'ן קעניג [פארצייטען אין ענגלאנד און פראנקרייך].

prise *n. and v.* (פראיז) דאס הויבען מיט א הויבעל [ריטשאג]; דאס געברויכען א הויבעל; הויבען מיט א הויבעל; געברויכען א הויבעל [ביים אויפברעכען].

prise o'pen (פראיז אופן) אויפברעכען.

prism *n.* (פריזם) א פריזמע, א קאנטיגע פיגור [א דריי=קאנטיגע, פיער=קאנטיגע, פינף=קאנטיגע א. ז. וו., ביי וועלכער די ענד=פלעכען זיינען פאראלעל]; א דריי=קאנטיג שטיקעל געשליפען גלאז אדער אנדער דורכזיכטיג מאטעריאל מיט פאראלעלע ענדען וואס ווערט בענוצט פאר אפטישע צוועקען [ווען א ליכט=שטראהל געהט דורך אזא פריזמע, ווערט ער צוויי מאל אבגעבויגען פון זיין וועג אין דערזעלבער ריכטונג, איינמאל ביים אריינטרעטען אין דער פריזמע און א צווייטען מאל ביים ארויסטרעטען פון איהר. דער שטראהל ווערט דאן צוטיילט אין זיינע קאלירען און בילדעט א ספעקטרום]; א ספעקטרום. ז. ***spectrum***

Prism

prismat'ic *a.* (פריז-מעט'-איק) פריזמאטיש, עהנליך צו א פריזמע; געמאכט ווי דורך א פריזמע; פערשיעדענפארביג; פאנאנדערגעלעגט, פאנאנדערגעטיילט ווי דורך א פריזמע, פון רעגענבויגען=קאלירען. ז. ***prism***

prismat'ical *a.* (פריז-מעט'-אי-קעל) ז. ***prismatic***

prismat'ically *adv.* (פריז-מעט'-אי-קעל-אי) פריזמאטיש, ווי א פריזמע; מיט דער הילף פון א פריזמע. ז. ***prism***

pris'matize *v.* (פריז'-מע-טאיז) פאנאנדערלעגען [א שטראהל] דורך א פריזמע. ז. ***prism***

pris'matoid *n.* (פריז'-מע-טאיד) א פריזמאאיד, א פריזמע=עהנליכער געאמעטרישער קערפער. ז. ***prism***

pris'moid *n.* (פריז'-מאיד) א פריזמאאיד, א פריזמע=עהנליכער געאמעטרישער קערפער. ז. ***prism***

prismoi'dal *a.* (פריז-מאי'-דעל) עהנליך צו א פריזמע, וואס איז שייך צו א פריז=

מאאיד [א פריזמע=עהנליכער געאמעטרישער קערפער]. ז. *prism*

prism'-train *n.* (פריזמ'-טריין) א רייה פריזמען [פאר אפטישע צוועקען]. ז. *prism*

pris'my *a.* (פריז'-מי) פריזמאטיש, עהנליך צו א פריזמע. ז. *prism*

pris'on *n. and v.* (פריזן) א געפענגניס, א תפיסה; איינשפארען אין א געפענגניס; נעהמען געפאנגען.

pris'on-bars *n.* (פריז'נ-בארז) געפענגניס=שטאנגען, געפענגניס=גראטעס; דאס פאנג=שפיעל [אזא קינדער=שפיעל. ז. *prisoner's base*].

pris'on-base *n.* (פריז'נ-בייס) דאס פאנג=שפיעל. ז. *prisoner's base*

pris'oner *n.* (פריז'נ-ער) א געפאנגענער; אן ארעסטאנט.

pris'oner at the bar (פריז'נ-ער עט טהי באר) אן אנגעקלאגטער וואס איז אנוועזענד ביי זיין פערהער.

pris'oner's bars (פריז'נ-ערז בארז) ז. *prisoner's base*

pris'oner's base (פריז'נ-ערז בייס) פאנג=שפיעל [א קינדער=שפיעל. בעשטעהט אין דעם וואס לויפענדיג פון איין ציעל צום צווייטען ווערען די שפיעלער פון איין צד אנגעריהרט פון די שפיעלער פון צווייטען צד. דער אנגעריהרטער ווערט געפאנגען און דאס שפיעל ענדיגט זיך, ווען איין צד איז שוין אין גאנצען געפאנגען].

pris'on-fe'ver *n.* (פריז'נ-פיע'-ווער) טיפוס.

pris'on-house *n.* (פריז'נ-האוס) א געפענגניס, א תפיסה.

pris'onment *n.* (פריז'נ-מענט) געפאנגענשאפט; דאס זיין ארעסטירט.

pris'on-ship *n.* (פריז'נ-שיפ) א געפענגניס=שיף.

pris'on-van *n.* (פריז'נ-וועז) א געפענגניס=וואגען [צו פיהרען ארעסטירטע].

pris'tav *n.* (פרים'-טעוו) א פריסטאוו [א העכערער רוסישער פאליציי=בעאמטער].

pris'tine *a.* (פרים'-טין) פרימיטיוו, אורַאלט, אורשפרינגליך, וואס בעלאנגט צו דער פריהעסטער פעריאדע אדער צום אורשפרינגליכען צושטאנד.

Pris'tis *n.* (פרים'-טים) דער זעג=פיש [א מין לענגליכער ים=פיש מיט א פיסק וואס איז בעדעקט מיט שפיצען ווי א זעג]. ז. *saw-fish*

prith'ee (פריטה'-אי) ביטע! הער דאך! [פערקירצונג פון *pray thee*].

prit'tle-prat'tle *n.* (פריט'ל-פרעט'ל) פלוידעריי, פלאפלעריי.

pri'us *n.* (פראי'-אם) עטוואס וואס געהט נויטווענדיגערווייזע פארויס, א פארבעדינגונג.

priv. אבקירצונג פון *privative* [אין גראמאטיק].

pri'vacy *n.* (פראי'-ווע-סי) פריוואטקייט, אבגעזונדערטקייט, איינזאמקייט; אן אבגעזונדערטער פלאץ; סעקרעטנעקייט; א פריוואטע אנגעלעגענהייט.

privat'-docent' *n.* (פרי-וואט'-דא-צענט') א פריוואט=דאצענט [אין אייניגע אייראפעאישע אוניווערזיטעטען — איינער וואס לייענט לעקציעס אין אן אוניווערזיטעט, האט אבער נאך ניט דעם טיטול פראפעסאר].

pri'vate *a. and n.* (פראי'-וועט) פריוואט; פערזענליך; ניט עפענטליך, געהיים; וואס האלט ניט קיין קהל'שען אמט; וואס טראגט ניט קיין קהל'שען, עפענטליכען כאראקטער; אבגעזונדערט; פערטרויט, וואס האלט א סוד; ספעציעל, בעזונדער, אינדיווידועל; וואס איז שייך צו א פשוט'ען סאלדאט; א פשוט'ער סאלדאט.

pri'vate act (פראי'-וועט עקט) א געזעץ וואס איז נוגע פריוואט פערזאנען.

pri'vate bank (פראי'-וועט בענק) א פריוואט באנק [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, א באנק וואס האט ניט קיין פערזיכערונגס=פאנד ביי דער רעגיערונג].

pri'vate bill (פראי'-וועט ביל) א פריוואט=ביל [א געזעץ=פראיעקט, וועלכער בעריהרט נור די פריוואטע אינטערעסען פון א פערזאן אדער געזעלשאפט].

pri'vate-clothes man (פראי'-וועט-קלאוטהז מען) א געהיים=פאליציסט [אין ציווילע קליידער].

pri'vate corpora'tions (פראי'-וועט קאהר-פא-ריי'-שאן) א פריוואט=קארפאראציאן [א קארפאראציאן, וואס האט ניט דעם צוועק פון קהל'שער טהעטיגקייט, אפילו ווען זי אפערירט מיט זאכען וואס זיינען ניט פון פריוואטען כאראקטער, ווי למשל, אן אייזענבאהן=געזעלשאפט]. ז. *corporation*

pri'vate ends (פראי'-וועט ענדז) פערזענליכע צוועקען.

privateer' *n. and v.* (פראי-ווע-טיער') א קאפער=שיף [א פריוואטע קריעגס=שיף, וואס האט די רעגיערונגס=ערלויבניס צו בעפאלען שיפען פון א פיינדליכען לאנד]; א קאפער [א מאטראז אדער קאפיטאן פון א קאפער=שיף]; זיין א קאפער, ארומפאהרען אויף א קאפער=שיף [מיט'ן צוועק צו בעפאלען שיפען פון א פיינדליכען לאנד].

privateer'ing *n.* (פראי-ווע-טיער'-אינג) קאפעריי, דאס זיין א קאפער. ז. *privateer*

privateer'ism *n.* (פראי-ווע-טיער'-איזם) אונגעזעצליכע אויפפיהרונג אויף'ן ים [ניט לויט די אנגענומענע אינטערנאציאנאלע קריעגס=כללים].

privateer' prac'tice (פראי-ווע-טיער' פרעק'-טים) ז. *privateering*

privateers'man *n.* (פראי-ווע-טיערז'-מען) אן אפיציער אדער מאטראז אויף א קאפער=שיף. ז. *privateer*

pri'vate interna'tional law (פראי'-וועט אינ-טער-נעש'-אנ-על לאה) די פרינציפען, לויט וועלכע די ציווילע געזעצע פון איין לאנד ווערען אבגעהיט אין די געריכטען פון אן אנדער לאנד, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אויסלענדישע בירגער.

pri'vate judg'ment (פראי'-וועט דזשאדזש'-מענט) אין טעאלאגיע — די פערזענליכע אויסטייטשונג פון די הייליגע שריפטען [אין געגענזאץ צו דער פעסטגעשטעלטער קירכליכער אויסטייטשונג].

pri'vate law (פראי'-וועט לאה) דער טייל פון דער געזעצגעבונג וואס האט צו טהאן מיט די רעכטע און פליכטען פון פריוואט בירגער [אין געגענזאץ צו דער געזעצגעבונג וועגען שטאאטס=פערוואלטונג און שטאאטס=בעאמטע].

pri'vate laws (פראי'-וועט לאהז) געזעצע וואס זיינען נוגע די פריוואטע אינטערעסען פון פערזאנען אדער געזעלשאפטען.

pri'vate legisla'tion (פראי'-וועט לעדזש-אים-ליי'-שאן) געזעצגעבונג וואס איז נוגע בלויז בעזונדערע פערזאנען אדער קערפערשאפטען.

pri'vately *adv.* (פראי'-וועט-לי) אין געהיים; פריוואט; פערזענליך.

pri'vateness *n.* (פראי'-וועט-נעס) פריוואטקייט; סעקרעטנעקייט; אבגעזונדערטקייט; דאס זיין א פריוואט מענש [ניט קיין קהל'שער בעאמטער].

pri'vate parts (פראי'-וועט פארטס) די געשלעכטס=גליעדער.

pri'vate per'son (פראי'-וועט פויר'-סאן) א פריוואט פערזאן [ניט קיין קהל'שער בעאמטער].

pri'vate prop'erty (פראי'-וועט פראפ'-ער-טי) פריוואט=אייגענטום.

pri'vate rights (פראי'-וועט ראיטס) פריוואטע רעכטע אויף אייגענטום, פריוואט=אייגענטום.

pri'vates *n.* (פראי'-וועטס) געשלעפטס=גליעדער.

pri'vate sol'dier (פראי'-וועט סאול'-דזשער) א פראסטער סאלדאט.

private war (פראי'-וועט הוואהר) א קריעג געפיהרט פון בירגער אהן דער סאנקציע פון דעם שטאאט.

pri'vate wrong (פראי'-וועט ראהנג) א ציווילע בעשעדיגונג, אן אנגריף אויף פערזענליכע רעכטע.

priva'tion *n.* (פראי-וויי'-שאן) אוועקנעהמונג; אבוועזענהייט פון עפעס, מאנגעל; נויטה; אראבזעצונג פון אמט.

priv'ative *a. and n.* (פריוו'-ע-טיוו) אוועקנעהמענד; וואס פעראורזאכט מאנגעל אין עפעס; אין גראמאטיק — פריוואטיוו, פערניינענד [ווי די ווערטער א ה ן, נ י ט, ק י י ן א. ז. וו. אדער דער פרעפיקס א ו נ —]; עטוואס וואס איז אבהענגיג פון דער אבוועזענהייט פון עפעס אנדערש [ווי למשל, שטילקייט איז אבהענגיג פון דער אבוועזענהייט פון קלאנגען]; אין גראמאטיק — א פריוואטיוואום [א ווארט אדער ווארט=טייל וואס פערניינט].

priv'atively *adv.* (פריוו'-ע-טיוו-לי) נעגאטיוו, פערניינענד.

priv'et *n.* (פריוו'-עט) דער הארטריעגעל [א מין שעהנער קוסט אדער בוימעל מיט אייביג=גרינע בלעטער און מיט קליינע ווייסע בלומען].

Privet

priv'ilege *n. and v.* (פריוו'-אי-לעדזש) 1. א פריווילעגיע, א ספעציעלעס רעכט; 2. געבען א פריווילעגיע, מאכען פריווילעגירט.

1. Members of Congress have certain privileges. 2. I was **privileged** to meet the president.

priv'ily *adv.* (פריוו'-אי-לי) אין געהיים.

priv'ity *n.* (פריוו'-אי-טי) דאס מיטוויסען, דאס וויסען פריוואט אדער קאנפידענציעל; אנטייל=נעהמונג אין א פריוואטער, פערטרויטער אדער געהיימער אנגעלעגענהייט; מיטשולדיגקייט; געמיינזאמער אינטערעס, געגענזייטיגע געזעצליכע פערבינדונג.

priv'y *a. and n.* (פריוו'-אי) 1. פריוואט, פערזענליך; געהיים, ניט עפענטליך; אבגעזונדערט; 2. מיטוויסענד, פערטרויט, אנטיילנעהמענד אין א געהיימנים; מיט=

שולדיג; 3. אן אנטיילנעהמער; איינער וואס האט געמיינזאמע אינטערעסען מיט אן אנדערען; איינער וואס איז געגענזייטיג פערבונדען געזעצליך מיט א צווייטען; 4. אן אבטריט, א בית=הכסא.

3. A and B are privies to a contract.

priv'y cham'ber (פריוו'-אי טשיימ'-בער) א געהיימער קאבינעט, א פריוואט=צימער [אין קעניגליכען פאלאץ אין ענגלאנד].

priv'y coun'cil (פריוו'-אי קאונ'-סיל) דער געהיים=ראטה [אין ענגלאנד — א קערפערשאפט, אין וועלכער עס געהען אריין די העכסטע בעאמטע פון לאנד און די מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע].

priv'y coun'cilor (פריוו'-אי קאונ'-סיל-אר) א מיטגליעד פון ענגלישען געהיים=ראטה. ז. *privy council*

priv'y mem'ber (פריוו'-אי מעמ'-בער) דער מענליכער געשלעכטס=ארגאן.

priv'y parts (פריוו'-אי פארטס) די געשלעכטס=גליעדער.

priv'y to (פריוו'-אי טו) איינפערטרויט אין עפעס.

He also was **privy to** all the negotiations.

prix *n.* (פריע) א פריז, א פרעמיע, אן אויסצייכנונגס=געווינס.

pri'zable *a.* (פראי'-זעבל) ווערטהפול.

prize *n.*, *a.* and *v.* (פראיז) דאס אוועק=נעהמען אדער דאס פערכאפען דעם שונא'ס אייגענטום אין צייט פון קריעג; דאס וואס ווערט אוועקגענומען פון שונא'ס אייגענטום [הויפטזעכליך א שיף]; דער קלאנג פון יעגער=הארן וואס זאגט אז, אז די חיה איז געכאפט אדער געטויטעט; פאר=צייטען אין ענגלאנד — דאס צונעהמען אדער דאס רעכט צוצונעהמען א טייל פון פערמעגען פאר'ן קעניג; א פריז, א פרע=מיע, אן אויסצייכנונגס=בעלוינונג; א לאטערעע=געווינס; א געווינס, א פארטייל, א פריווילעגיע; דאס הויבען אדער אויפ=ברעכען מיט א הויבעל [ריטשאג]; וואס איז ווערטה א פריז, וואס האט געקרא=גען א פרעמיע אדער אן אויסצייכנונגס=געווינס; אבשאצען; שעצען; אויפהוי=בען אדער אויפברעכען מיט א הויבעל.

prize'able *a.* (פראיז'-עבל) ז. *prizable*

prize'-court *n.* (פראיז'-קאורט) דאס פריזען=געריכט [א געריכט וואס פערהאנ=דעלט וועגען פערכאפטע פיינדליכע שי=פען].

prize'-fight *n.* (פראיז'-פאיט) א פרייז=קאמפף [א באקס אדער פויסטען=קאמפף פאר א פריז אדער בעלוינונג].

prize'-figh'ter *n.* (פראיז'-פאי'-טער) א פרייז=קעמפפער [א באקסער אדער פויסטען=קעמפפער וואס שלאגט זיך צו=ליעב א פריז אדער בעלוינונג].

prize'-figh'ting *n.* (פראיז'-פאי'-טינג) א פרייז=קאמפף. ז. *prize-fight*

prize'-list *n.* (פראיז'-ליסט) א ליסטע פון די וואס האבען געוואונען פריזען [פרעמיעס, אויסצייכנונגס=בעלוינונגען]; א ליסטע פון די מאטראזען און אפיציע=רען וואס זיינען בערעכטיגט צו א חלק פון דעם שונא'ס אייגענטום וואס איז פערכאפט געווארען אויף'ן ים.

prize'man *n.* (פראיז'-מען) דער פריז=געווינער [דער וואס בעקומט די פרעמיע אויף א קאנקורס].

prize'-mas'ter *n.* (פראיז'-מעס'-טער) דער פריז=מייסטער [איינער וואס קא=מאנדירט א שיף וואס מען האט צוגע=נומען ביים שונא].

prize'-med'al *n.* (פראיז'-מעד'-על) אן עהרען=מעדאל, וואס ווערט ארויסגעגע=בען צו א געווינער אויף א קאנקורס.

prize'-mon'ey *n.* (פראיז'-מאנ'-אי) געלד וואס מען נעהמט אב פאר א פער=כאפטער פיינדליכער שיף און וואס ווערט פאנאנדערגעטיילט צווישען די מאטראזען וואס האבען די שיף פערכאפט.

pri'zer *n.* (פראי'-זער) אן אבשאצער; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א קאנ=קורס אדער פרייז=קאמפף. ז. *prize-fight*

prize'-ring *n.* (פראיז'-רינג) דער פרייז=קאמפף קרייז [דאס פלאץ וואו עס קומט פאר א פרייז=קאמפף אדער וועט=קאמפף].

prize'-ta'ker *n.* (פראיז'-טיי'-קער) דער וואס בעקומט דעם פריז [אין א וועט=קאמפף אדער קאנקורס].

pro *n.* and *prep.* (פראו) אן ארגומענט אדער גרונד צו גונסטען פון עטוואס; פרא, פאר.

pro'a *n.* (פראו'-א) א פראא [א קליין לייכט און שנעל שיפעל ביי די מאלאישע פעלקער].

pro'al *a.* (פראו'-על) וואס איז געריכ=טעט צו פארענט צו.

pro and con (פראו ענד קאן) פאר און געגען.

The judge heard the argument **pro and con** and reserved his decision.

proau'lion *n.* (פראו-אה'-לי-אן) אין דער אלטער קירכליכער ארכיטעקטור — א ווערענדע אדער פארהויז פון א קירך.

probabil'iorism *n.* (פראב-ע-ביל'-אי-אר-איזם) פראבאביליאריזם [די לעהרע אין דער קאטוילישער קירך, אז ווען עס זיינען פאראן ווענען א געוויסער האנד=לונג צוויי וואהרשיינליכע מיינונגען, דארף מען אננעהמען די מעהר וואהרשיינליכע מיינונג און די האנדלונג איז פערבאטען, ווען ביידע מיינונגען זיינען גלייך וואהר=שיינליך].

probabil'iorist *n.* (פראב-ע-ביל'-אי-אר-איסט) א פראבאביליאריסט, אן אנ=העננער פון פראבאביליאריזם. ז. *probabiliorism*

prob'abilism *n.* (פראב'-ע-ביל-איזם) דער פראבאביליזם [די לעהרע אין דער קאטוילישער קירך, אז ווען עס גיבען ווע=גען א געוויסער האנדלונג צוויי וואהרשיינ=ליכע מיינונגען, וואס ביידע זיינען ניט זיכער, לויט איין מיינונג איז דיעזע האנד=לונג מאראליש און לויט דער צווייטער — אונמאראליש, קען מען דיעזע האנד=לונג האלטען פאר מאראליש.

prob'abilist *n.* (פראב'-ע-ביל-איסט) איינער וואס האלט פון דער בעהויפטונג, אז געוויסעס און זיכערעס עקזיסטירט ניט און עס זיינען נור פאראן וואהרשיינליכ=קייטען; א פראבאביליסט, אן אנהעננער פון פראבאביליזם. ז. *probabilism*

probabil'ities *n.* (פראב-ע-ביל'-אי-טיז) וואהרשיינליכקייטען; פארויסזאגונ=גען וועגען וועטער; וועטער=נביאות.

probabil'ity *n.* (פראב-ע-ביל'-אי-טי) וואהרשיינליכקייט; אין מאטעמאטיק — דאס פערהעלטניס אדער פראפארציע פון די צופעלע, וועלכע זיינען צו גונסטען פון א פאסירונג, צו דער טאטאלער צאהל צו=פעלע, וועלכע זיינען פאר און געגען דיע=זער פאסירונג; א וועטער=נביא.

prob'able *a.* (פראב'-עבל) וואהרשיינ=ליך; וואס האט מעהר ראיות פאר איי=דער געגען.

prob'able caus'es (פראב'-עבל קאהז'-עז) וואהרשיינליכקייטס=פאקטען אדער אומ=שטענדען [פאקטען אדער אומשטענדען געגען א בעשולדיגטען, וועלכע זיינען אויף אזוי פיעל וואהרשיינליך, דאס מען קען דעם בעשולדיגטען אויף זייער סמך פער'משפט'ען].

prob'ably *adv.* (פראב'-ע-בלי) וואהר=שיינליך.

The story is **probably** true.

pro'bang *n.* (פראו'-בענג) אזא בינגזא=מער זאנד, מייסטענס פון פיש=ביין, וואס דאקטוירים געברויכען צו קורירען דעם האלז אדער ארויסצונעהמען עטוואס וואס האט זיך פערהאלטען אין גארגעל אדער אין דער שפייז=רעהר.

pro'bate *a.* and *n.* (פראו'-בייט) וואס איז שייך צו דער בעשטעטיגונג פון א צואה; אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון א צואה; די קאפיע פון אזא בעשטעטי=גונג.

pro'bate court (פראו'-בייט קאורט) א געריכט וואס האט אונטער זיין אויפ=זיכט די בעשטעטיגונג פון צואות און ירושות.

pro'bate-du'ty *n.* (פראו'-בייט-דיו'-טי) ערבשאפטס=שטייער [דער שטייער וועלכען מען בעצאהלט פאר א פערמעגען וואס געהט איבער בירושה].

pro'bate judge (פראו'-בייט דזשאדזש) א ריכטער וואס האט די אויפזיכט אויף צואות [צו פראבירען זייער ריכטיגקייט און זיי צו בעשטעטיגען].

proba'tion *n.* (פרא-ביי'-שאן) א בע=וויין; די בעוויין=פיהרונג [פאר'ן גע=ריכט]; די פראבירונג, די פראבע, דער עקזאמען; די פראבע אדער עקזאמען, וואס א מאנאך דארף בעשטעהן ביים אריינ=נעהמען איהם אין א מאנאסטיר; דאס האלטען אונטער אויפזיכט א פעראור=טיילטען צו געפענגניס, אום זיך צו אי=בערצייגען, אז ער קען זיך אויפפיהרען גוט און קען בעפרייט ווערען פון'ם אור=טייל.

proba'tional *a.* (פרא-ביי'-שאנ-על) וואס דיענט אלס פראבע; וואס דיענט אלס בעוויין. ז. *probation*

proba'tionary *a.* (פרא-ביי'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א פראבע; וואס דיענט אלס פראבע.

proba'tioner *n.* (פרא-ביי'-שאנ-ער) איינער וואס ווערט עקזאמענירט; איינער וואס ווערט אנגענומען אויף פראבע; א נייילינג, אן אנפאנגער.

proba'tionership *n.* (פרא-ביי'-שאנ-ער-שיפ) דאס געפינען זיך אונטער פרא=בע; דאס זיין א נייילינג אדער אנפאנגער.

proba'tionist *n.* (פרא-ביי'-שאנ-איסט) ז. *probationer*

proba'tion of'ficer (פרא-ביי'-שאן אפ'-איס-ער) א בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער א פעראורטיילטען צו געפענגניס וואס איז אויף פראבע. ז. *probation work*

proba'tion work (פרא-ביי'-שאן הוואירק) דאס האלטען אונטער אויפזיכט א פעראורטיילטען צו געפענגניס, אום זיך צו איבערצייגען, אז ער קען זיך אויפפיה=רען גוט און קען בעפרייט ווערען פון דער שטראף.

pro'bative *a.* (פראו'-ביי-טיוו) וואס דיענט צו פראבע אדער צום בעוויין; בע=וויזענד.

proba'tor *n.* (פרא-ביי'-טאר) א פראבירער, אן עקזאמענירער.

pro'batory *a. and n.* (פראו'-ביי-טא-רי) וואס דיענט אלס בעווייז אדער אלס פראבע; דאס הויז וואו מען האלט די קאנדידאטען פאר מאנאכען, וועלכע דארפען אויסהאלטען א געוויסע פראבע איידער זיי ווערען אויפגענומען אין קלויסטער.

proba'tum est (פרא-ביי'-טאם עסט) עס איז אויספראבירט געווארען [ווערט מייסטענס געברויכט אלס א בעמערקונג אויף א רעצעפט].

probe *v. and n.* (פראוב) עקזאמענירען, אונטערזוכען [בעזאנדערס דעם קערפער אדער א וואונד]; זאנדירען, אונטערזוכען מיט א זאנד; אויספארשען; דורכשטעכען [א פערמאכטע כלי, כדי ארויסצולאזען די צונויפגעדריקטע לופט אדער גאז וואס געפינט זיך דארטען]; א פראבע; א זאנד [א כירורגישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען א וואונד אדער וועלכע עס איז עפנונג אין קערפער].

probe'-poin'ted *a.* (פראוב'-פאינ'-טעד) וואס האט א טעמפען שפיץ, ווי א זאנד.

probe'-scis'sors *n.* (פראוב'-סיז'-ארז) א שערעלע צו עפענען וואונדען [האט א קעפעלע אויף'ן שפיץ].

pro'bingly *adv.* (פראו'-בינג-לי) אונטערזוכענד.

prob'ity *n.* (פראב'-אי-טי) עהרליכקייט; אויפריכטיגקייט.

prob'lem *n.* (פראב'-לעם) א פראבלעמע, אן אויפגאבע, א שווערע פראגע.

problemat'ic *a.* (פראב-לע-מעט'-איק) פראבלעמאטיש, פראגליך, צווייפעלהאפט, אונבעשטימט.

problemat'ical *a.* (פראב-לע-מעט'-אי-קעל) ז. *problematic*.

problemat'ically *adv.* (פראב-לע-מעט'-אי-קעל-אי) פראבלעמאטיש, פראגליך, צווייפעלהאפט.

prob'lematize *v.* (פראב'-לעם-ע-טאיז) פארלעגען פראבלעמען אדער אויפגאבען.

pro bo'no pub'lico (פראו באו'-נאו פאב'-לי-קאו) לטובת הכלל, פאר דאס בעסט פון פובליקום.

proboscid'ean *a. and n.* (פראו-בא-סיד'-אי-ען) ז. *proboscidian*.

proboscid'ian *n. and a.* (פראו-בא-סיד'-אי-ען) א ריסעל=חיה, א חיה וואס האט א ריסעל [א לאנגער שנויץ] ווי דער•עלפאנט, למשל; וואס האט א שנויץעהנליך מויל [וועגען אינזעקטען]; וואס האט א ריסעל.

probos'cis *n.* (פרא-באס'-איס) דער ריסעל [שנויץ] פון אן עלפאנט; א לאנגע בויגזאמע נאז אדער שנויץ; א שנויץעהנליך מויל [ביי אינזעקטען].

probos'cis-mon'key *n.* (פרא-באס'-איס-מאנ'-קי) אזא אפע [אבעזיאנע] וואס האט א לאנגע און בויגזאמע נאז.

proca'cious *a.* (פרא-קיי'-שאס) אונפערשעהמט, חוצפה'דיג.

procac'ity *n.* (פרא-קעס'-אי-טי) אונפערשעהמטקייט, חוצפה.

procar'dium *n.* (פרא-קאר'-די-אם) דאס הארץ=גריבעלע, דאס לעפעלע [דאס גריבעלע אונטער דער ברוסט געגענאיבער דעם מאגען].

proceden'do *n.* (פראו-סי-דענ'-דאו) די אויפפאדערונג פון א העכערען געריכט צו א ריכטער פון א נידריגערען געריכט פארטצוזעצען די פיהרונג פון א פראצעס, וועלכען ער האט אבגעלעגט.

proce'dure *n.* (פרא-סיע'-דזשור) די פראצעדורע, דער גאנג פון א זאך; די בעגעהונג, די האנדלונג.

proceed' *v.* (פרא-סיעד') 1. פארטזעצען, געהן ווייטער; 2. ארויסקומען, ענטשטעהן; 3. האנדלען, זיך בעגעהן אדער ווירקען אויף א געוויסען אופן; זיך נעהמען צו דער ארבייט; 4. אנפאנגען אדער פיהרען א פראצעס געגען אימעצען.

1. Let us **proceed** on our journey. 2. The new **proceeds** always from the old. 3. He **proceeds** on certain principles, which I do not accept. 4. The courts will **proceed** against the offender.

procee'der *n.* (פרא-סיע'-דער) דער, וואס זעצט פאר, וואס געהט פארווערטס, וואס מאכט פארטשריטע; איינער וואס קריעגט אן אקאדעמישען טיטול.

procee'ding *n.* (פרא-סיע'-דינג) א האנדלונג; א פאסירונג; א פארטזעצונג; א פארטשריט.

procee'dings *n.* (פרא-סיע'-דינגז) 1. די פיהרונג פון א פראצעס; פראצעס=אקטען; פראצעס=פאפיערען; 2. די פערהאנדלונגען פון א פעראיין אדער פון א געזעלשאפט, דער פראטאקאל פון די פערהאנדלונגען.

1. The **proceedings** in this case are published in the court records. 2. The society issues an annual report of its **proceedings**.

pro'ceeds *n.* (פראו'-סיעדז) די איינגאהמען, די איינקונפט, די הכנסה [פון עטוואס וואס מען האט פערקויפט].

He sold his property and invested the **proceeds** in government bonds.

proceleusmat'ic *a. and n.* (פראס-ע-ליוס-מעט'-איק) אויפמונטערענד, ערמוטיגענד; וואס בעשטעהט פון פיער קורצע זילבען [וועגען א פערזען=פוס]; א פערזען=פוס וואס בעשטעהט פון פיער קורצע זילבען.

procella'rian *n. and a.* (פראס-ע-לייר'-י-ען) דער שטורם=פויגעל [אזא קליינער שווארץ=ווייסער ים=פויגעל]; וואס איז עהנליך אדער וואס איז שייך צו א שטורם=פויגעל; וואס איז שייך צו א שטורם=פויגעל אדער צום מין שטורם=פויגלען. ז. *petrel*.

procer'ity *n.* (פראו-סער'-אי-טי) הויכקייט, א הויכער וואוקס.

proc'ess *n. and v.* (פראס'-עס) דער פראצעס, דער גאנג, לויף; דער פארגאנג, דער פערלויף; די מעטאדע; א פארטזעצונג; א פארטשריט; א פראצעס, א משפט; א צואוואוקס, אן ארויסשטארצונג; פערפיהרען א פראצעס אדער משפט [געגען אימעצען]; רעפראדוצירען דורך א מעכאנישען אדער פאטאגראפישען פראצעס.

proces'sion *n. and v.* (פרא-סעש'-אן) א פראצעסיאן, א מארש, א מאסען=מארש; דאס ארויסקומען [ספעציעל וועגען הייליגען גייסט אדער וועגען דער נשמה]; געהן אין א פראצעסיאן אדער מארש; מארשירען צו בעזעצען שטיקער לאנד [אן אויסדרוק געברויכט אין נארד=קאראלאינע און טענעסי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

proces'sional *a. and n.* (פרא-סעש'-אנ-על) געברויכט אין א פראצעסיאן; וואס געהערט צו א פראצעסיאן; דאס פראצעסיאנס=בוך [א בוך וואס ענטהאלט די דינים און די הימנען פון די פראצעסיאנען פון דער קאטוילישער קירך]; א הימנע וואס ווערט געזונגען אין א רעליגיעזער פראצעסיאן.

proces'sionalist *n.* (פרא-סעש'-אנ-על-איסט) אן אנטיילנעהמער אין א פראצעסיאן.

proces'sionally *adv.* (פרא-סעש'-אנ-על-אי) אויף דעם אופן פון א פראצעסיאן; אין א פייערליכען מארש.

proces'sionary *a. and n.* (פרא-סעש'-אנ-איי-רי) וואס געהערט צו א פראצעסיאן; וואס בעוועגען זיך אין א רייה ווי אין א פראצעסיאן [וועגען געוויסע ווערים אדער אינזעקטען]; א בעאמטער אין נארד=קאראלאינע און טענעסי [נארד=אמעריקאנער שטאאטען], וועלכער דארף אויסמעסטען לאנד=טיילען אויף דעם פערלאנג פון די אייגענטימער.

proces'sionary cat'erpillar (פרא-סעש'-אנ-איי-רי קעט'-ער-פיל-אר) די פראצעסיאנס=רויפע [אזא ווארים, וועלכער געהט אלע מאל אין רייהע מיט אנדערע אזעלכע ווערים ווי אין א פראצעסיאן.].

proces'sioner *n.* (פרא-סעש'-אנ-ער) א בעאמטער אין נארד=קאראלאינע און טענעסי [נארד=אמעריקאנער שטאאטען], וועלכער דארף אויסמעסטען לאנד=טיילען אויף דעם פערלאנג פון די אייגענטימער; אן אנטיילנעהמער אין א פראצעסיאן.

proces'sion-flow'er *n.* (פרא-סעש'-אנ-פלאו'-ער) די מילך=פלאנצע. ז. *milkwort*.

proces'sioning *n.* (פרא-סעש'-אנ-אינג) דאס אויסמעסטען און אונטערזוכען די לאנד=גרענעצען אין אייניגע פון די אמעריקאנער שטאאטען דורך די ארטיגע בעאמטע, כדי צו בעשטימען די ריכטיגע גרויס און די גרענעצען פון די לאנד=טיילען פון יעדען לאנד=אייגענטימער.

proces'sionist *n.* (פרא-סעש'-אנ-איסט) אן אנטיילנעהמער אין א פראצעסיאן.

proces'sive *a.* (פרא-סעס'-איוו) וואס געהט פארווערטס, פארטשטרייטענד.

proc'ess-ser'ver *n.* (פראס'-עס-סויר'-ווער) א געריכטס=דיענער, אן אנגעשטעלטער אין געריכט וואס ברייינגט די פארלאדונג [פאוועסטקע] צום געריכט.

proces'sus *n.* (פרא-סעס'-אס) אן אנוואוקס אדער אויסוואוקס אויף'ן קערפער.

pro'chein amy' (פראו'-שען א-מי') אין יוריספרודענץ — דער נעכסטער פריינד [איינער וואס נעהמט זיך אן פאר די רעכטען פון א מינדעריעהריגען].

pro'chronism *n.* (פראו'-קראנ-איזם) א פריהערדיגע דאטירונג [דאס אנגעבען די צייט פון א פאסירונג פריהער ווי אין דער ווירקליכקייט].

proc'idence *n.* (פראס'-אי-דענס) דאס אראבפאלען; אין מעדיצין — דאס אראבפאלען אדער אראבלאזען זיך [וועגען א טייל פון קערפער וואס לאזט זיך אראב פון זיין נארמאלען ארט].

proc'ident *a.* (פראס'-אי-דענט) אראבפאלענד; אין מעדיצין — וואס פאלט אדער לאזט זיך אראב פון זיין נארמאלען ארט [וועגען קערפער=גליעדער].

procid'uous *a.* (פרא-סידזש'-יו-אס) אראבפאלענד, וואס פאלט אראב פון זיין ריכטיגען פלאץ.

procinct' *n.* (פרא-סינקט') צוגעגרייטקייט, פארטיגקייט [בעזונדערס צו מלחמה].

proclaim' *v.* (פרא-קליים') פראקלאמירען, אויסרופען, בעקאנט מאכען, פערעפענטליכען; שטעלען אונטער פאליציי-אויפזיכט.

proclai'mant *n.* (פראַ-קליי'-מענט) ז. *proclaimer*.

proclai'mer *n.* (פראַ-קליי'-מער) אַ פּראָקלאַמירער, אַן אויסרופער, אַ בעקאַנטמאַכער.

proclama'tion *n.* (פראַק-ליי-מיי'-שאַן) אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אַן אויסרופונג, אַ בעקאַנטמאַכונג, אַ פערעפענטליכונג; אַן עפענטליכע ערקלערונג.

proclama'tion of war (פראַק-ליי-מיי'-שאַן אָוו הוואָהר) קריעגס־ערקלערונג.

procline' *v.* (פראַ-קלאַין') זיך לעהנען, נייגען אדער בויגען נאָך פאָרענט.

proclit'ic *a.* and *n.* (פראַ-קליט'-איק) אין גראַמאַטיק — פּראָקליטיש, וואָס איז אבהענגיג אין אקצענט פון דעם נעכסטען וואָרט, וואָס האָט ניט קיין אייגענעם אַקצענט [וועגען געוויסע איינזילבינע ווערטער]; אַן איינזילבינעס וואָרט וואָס האָט ניט קיין אייגענעם אַקצענט און גיסט זיך צוזאַמען אין דער אויסשפּראַך מיט דעם וואָרט וואָס קומט נאָך איהם.

proclive' *v.* (פראַ-קלאַיוו') נייגען; זיין גענייגט.

procliv'ity *n.* (פראַ-קליוו'-אי-טי) ניי־גונג; פעהיגקייט צום לערנען, אויפפאַסונגס־פעהיגקייט.

procli'vous *a.* (פראַ-קלאַי'-וואַס) גע־נייגט; געבויגען.

He has proclivous teeth.

procli'vousness *n.* (פראַ-קלאַי'-וואַס-נעס) גענייגטקייט; געבויגענקייט.

procon'sul *n.* (פראַ-קאַנ'-סאַל) אַ פּראָ־קאַנסול [אַ פאַרצייטיגער רוימישער בעאַמטער וואָס פלעגט פערנעהמען די שטעלע פון אַ קאַנסול ניט זייענדיג אַליין אַ קאַנסול].

procon'sular *a.* (פראַ-קאַנ'-סיו-לאַר) פּראָקאַנסולאַריש, וואָס איז שייך צו אַ פּראָ־קאַנסול. ז. *proconsul*.

procon'sulary *a.* (פראַ-קאַנ'-סיו-לע-רי) ז. *proconsular*.

procon'sulate *n.* (פראַ-קאַנ'-סיו-לייט) ז. *proconsulship*.

procon'sulship *n.* (פראַ-קאַנ'-סאַל-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ פּראָקאַנסול. ז. *proconsul*.

procras'tinate *v.* (פראַ-קרעס'-טי-נייט) אָבלעגען אויף שפּעטער; מעדלעווען, פערשפּעטיגען.

procrastina'tion *n.* (פראַ-קרעס-טי-ניי'-שאַן) די אָבלעגונג; די געוואָהנהייט אָבצולעגען אדער צו פערשפּעטיגען.

procras'tinative *a.* (פראַ-קרעס'-טי-ניי-טיוו) פערשפּעטיגענד, וואָס מעדלעוועט, אָבלעגענד.

procras'tinator *n.* (פראַ-קרעס'-טי-ניי-טאַר) אַן אָבלעגער, אַן אָבציהער; איינער וואָס מעדלעוועט אדער פערציהט אַ זאַך אדער טהעטיגקייט.

procras'tinatory *a.* (פראַ-קרעס'-טי-ניי-טאַ-רי) וואָס איז שייך צו פערשפּעטיגונג; וואָס פאָדערט אָבלעגונג.

pro'creant *a.* and *n.* (פּראָו'-קרי-ענט) פרוכטבאַר; געבעהרענד, וואָס געבעהרט; אַ גע־בעהרענדע, אַ שאַפענדער; אַ געבעהרער.

pro'create *v.* (פּראָו'-קרי-אייט) געבע־רען; אַרויסברייננגען, בעשאַפען, אַרויסגע־בען.

procrea'tion *n.* (פּראָו-קרי-איי'-שאַן) די געבעהרונג, די אַרויסבריינגונג; די בע־שאַפונג, די אַרויסגעבונג.

pro'creative *a.* (פּראָו'-קרי-איי-טיוו) פרוכטבאַר; געבעהרענד, וואָס געבעהרט.

pro'creative fac'ulty (פּראָו'-קרי-איי-טיוו פעק'-אַל-טי) ז. *procreativeness*.

pro'creativeness *n.* (פּראָו'-קרי-איי-טיוו-נעס) די אַרויסבריינגונגס־קראַפט, די בעשאַפונגס־קראַפט, די געבעהרונגס־קראַפט.

pro'creator *n.* (פּראָו'-קרי-איי-טאַר) אַ בעשאַפער, אַן אַרויסברייננגער, אַ גע־בעהרער, אַ פאָטער.

pro'creatrix *n.* (פּראָו'-קרי-איי-טריקס) אַ געבעהרענדע, אַ מוטער.

Procrus'tean *a.* (פראַ-קראַס'-טי-ען) וואָס איז שייך אדער איז עהנליך צו פּראָ־קרוסטוס [אַ גזלן אין אַלטען גריכענלאַנד וועגען וועלכען די לעגענדע דערצעהלט, אַז יעדען וועמען ער פלעגט אַריינכאַפּען, פלעגט ער אויסציהען אויף אַ בעט, און אויב דער קרבן איז געווען צו לאַנג, פלעגט ער איהם אָבהאַקען די פיס]; צוגעבענד אַ געוויסע פאָרם דורך גוואַלט.

procrus'teanize *v.* (פראַ-קראַס'-טי-ען-איז) צוגעבען אַ געוויסע פאָרם דורך גוואַלט; אויסציהען אדער איינציהען דורך גוואַלט. ז. *Procrustean*.

proctag'ra *n.* (פראַק-טעג'-ראַ) ז. *proctalgia*.

proctal'gia *n.* (פראַק-טעל'-דזשי-אַ) אַ שמערץ אין דעם מאַסט־דאַרם אדער גלייכער קישקע. ז. *rectum*.

procti'tis *n.* (פראַק-טאַי'-טיס) אַן ענט־צינדונג פון מאַסט־דאַרם [גלייכע קישקע]. ז. *rectum*.

proctopto'ma *n.* (פראַק-טאַפּ-טאָו'-מאַ) אין מעדיצין — די אָבשוואַכונג פון דעם מאַסט־דאַרם [די גלייכע קישקע, אין וועל־כער עס קלייבט זיך אָן די צאה איידער זי געהט אַרויס פון קערפּער].

proc'tor *n.* and *v.* (פראַק'-טאַר) אַ געשעפטס־פערוואַלטער; אַ בעפאָלמעכטיג־טער; אַ פּראָקוראַטאָר; אַן אַדוואָקאַט אדער פּראָקוראָר אין אַ קירכליכען גע־ריכט; אַן אינספּעקטאָר אין אַן ענגלישען אוניווערזיטעט, וועלכער האָט אויפזיכט איבער דער אָרדנונג; אַ משגיח; פערוואַל־טען; אַנפיהרען איינעמס געשעפט; פער־טרעטען אימעצען אדער עפּעס אַלס אַד־וואָקאַט אדער פּראָקוראָר.

proc'torage *n.* (פראַק'-טאַר-עדזש) די פערוואַלטונג אדער אַנפיהרונג פון עפּעס.

procto'rial *a.* (פראַק-טאָו'-רי-על) וואָס איז שייך צו אַן אויפזעהער, פערוואַלטער אדער משגיח.

proctor'ical *a.* (פראַק-טאַר'-אי-קעל) אויפזעהעריש [וואָס געהערט צו אַן אויפ־זעהער פון אַ שוהל אדער אוניווערזי־טעט].

proctorrha'gia *n.* (פראַק-טאַ-ריי'-דזשי-אַ) אַ בלוט־פלוס פון דער עפנונג פון הינטער־לייב.

proctorrhe'a *n.* (פראַק-טאַ-רי'-אַ) אַ קראַנקהאַפטע פליסונג פון דער עפנונג פון הינטער־לייב.

proc'tor's dogs (פראַק'-טאַרז דאָגז) די אונטער־משגיחים [אין אוניווערזי־טעט].

proc'torship *n.* (פראַק'-טאַר-שיפּ) אויפזעהערשאַפט [דאָס אַמט פון אַ משגיח אין אַ שוהל אדער אוניווערזיטעט].

procum'bent *a.* (פראַ-קאַמ'-בענט) אַנידערגעלעגט, אויסגעשטרעקט [אַוועקגע־לעגט מיט'ן פּנים צו דער ערד]; אין באַ־טאַניק — אויסגעשטרעקט, אויסגעצויגען [וועגען פלאַנצען וואָס ליגען אויסגע־צויגען איבער דער ערד].

procur'able *a.* (פראַ-קיור'-עבל) וואָס מען קען בעקומען אדער קריעגען; וואָס קען פערשאַפט ווערען.

proc'uracy *n.* (פראַק'-יו-ריי-סי) דאָס פיהרען איינעמס געשעפטען אדער איי־נעמס פּראָצעס; דאָס אַמט אדער די דיענ־סטע פון אַ פּראָקוראַטאָר. ז. *procurator*.

procura'tion *n.* (פראַק-יו-ריי'-שאַן) די פערשאַפונג אדער איינשאַפונג; די פערוואַלטונג, די פיהרונג פון איינעמס געשעפטען; די פאָלמאַכט; דער דאָקו־מענט וואָס גיט אַ פאָלמאַכט איבער עפּעס; דאָס געלד וואָס ווערט אויסגעצאָהלט צו אַ בישאָף פאַר ערפילען געוויסע פליכ־טען.

procura'tion-mon'ey *n.* (פראַק-יו-ריי'-שאַנ-מאַנ'-אי) מעקלער־געלד [דאָס געצאָהלט וואָס אַ געלד־מעקלער בעקומט פאַר שאַפען איינעם אַ הלואה].

proc'urator *n.* (פראַק'-יו-ריי-טאַר) אין אַלטען רוים — אַ פּראָקוראַטאָר, דער פערוואַלטער איבער די קייזערליכע הכנסות אין דער פּראָווינץ; אַ רעגיערונגס צאָל־בעאַמטער; איינער וואָס פיהרט אַן אַנ־דערענס געשעפטען; אַ פערוואַלטער, אַ פאַרשטעהער.

procurato'rial *a.* (פראַק-יו-ריי-טאָו'-רי-על) וואָס איז שייך צו אַ פּראָקוראַ־טאָר. ז. *procurator*.

proc'uratorship *n.* (פראַק'-יו-ריי-טאַר-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ פּראָקוראַטאָר. ז. *procurator*.

proc'uratory *a.* and *n.* (פראַק'-יו-ריי-טאַ-רי) וואָס איז שייך צו אַ פאָל־מאַכט צו פערוואַלטען איינעמס געשעפ־טען אדער צו פערטרעטען איינעם אין געריכט; דער דאָקומענט וואָס בעשטע־טיגט אַזאַ פאָלמאַכט.

procure' *v.* (פראַ-קיור') פערשאַפען, קריעגען, בעקומען, ערהאַלטען; פעראורזאַכען, אַנמאַכען; פערמיטלען; צושטע־לען, פערמעקלערען [פּראָסטיטוטקעס].

procure'ment *n.* (פראַ-קיור'-מענט) די פערשאַפונג, די פערמיטלונג; דאָס צו־שטעלען; דאָס ערווערבען.

procur'er *n.* (פראַ-קיור'-ער) אַ פער־שאַפער; דער וואָס פעראורזאַכט אַז עפּעס זאָל געטהאָן ווערען; אַ פערמיטלער; אַ פאַקטאָר, אַ קופּלער [איינער וואָס שטעלט צו פּראָסטיטוטקעס].

procur'ess *n.* (פראַ-קיור'-עס) אַ פאַק־טאָרקע, אַ קופּלערין [איינע וואָס שטעלט צו פּראָסטיטוטקעס].

procureur' *n.* (פראַ-קיו-רויר') אַ פּראָ־קוראָר, אַן אַדוואָקאַט וואָס פערטרעט דעם שטאַאַט אדער די רעגיערונג אין אַן אַנ־קלאַגע.

procur'sive *a.* (פראַ-קויר'-סיוו) וואָס לויפט פאָרויס.

procurva'tion *n.* (פּראָו-קויר-וויי'-שאַן) דאָס בויגען זיך פאָרויס.

prod *n.* and *v.* (פּראָד) אַ שפּיציג גע־וועהר אדער געצייג, ווי אַ שפּיציגער שטע־קען [צום אַנטרייבען פיה] אדער אַן אָהל; אַ שטאָך מיט אַ שפּיציגער זאַך; שטעכען [ווי מיט אַ טרייב־שטעקען אדער מיט אַן אָהל].

prod'igal *n.* and *a.* (פּראָד'-אי-געל) פערשווענדעריש; אויסברייננגעריש; אַ פערשווענדער, אַן אויסברייננגער.

prod'igalise *v.* (פראד'-אי-געל-איז) ז. *prodigalize*.

prodigal'ity *n.* (פראד-אי-געל'-אי-טי) פערשווענדונג, אויסברייינגעריי [פון געלד]; ותרנות; ברייט=הארציגקייט.

prod'igalize *v.* (פראד'-אי-געל-איז) אויסברייינגען צופיעל; זיין פערשווענדעריש.

prod'igally *adv.* (פראד'-אי-געל-אי) אויף א פערשווענדערישען אדער אויסברייינגערישען אופן.

prod'igate *v.* (פראד'-אי-גייט) פערשווענדען, אויסברייינגען.

prodig'ious *a.* (פרא-דידזש'-אס) וואונדערבאר גרויס; אונגעהייער, שרעקליך.

prodig'iously *adv.* (פרא-דידזש'-אס-לי) אויף א וואונדערבארען, אונגעהייערען אדער שרעקליכען אופן.

prodig'iousness *n.* (פרא-דידזש'-אס-נעס) וואונדערבארקייט; אונגעהייערקייט, שרעקליכקייט.

prod'igy *n.* (פראד'-אי-דזשי) א וואונדער; אן אונגעהייערע זאך, א משונה'דיגע בעשעפעניש; א סטראשידלע.

prod'romal *a.* (פראד'-רא-מעל) פארגעננליך, פארלויפיג [וועגען די ערשטע סמנים, וועלכע ווייזען זיך ארויס ביים אנהויב פון א געוויסער קראנקהייט].

prodrom'ata *n.* (פרא-דראמ'-ע-טא) די ערשטע סימפטאמען אדער סמנים וואס ווייזען זיך ארויס ביים אנהויב פון א קראנקהייט.

pro'drome *n.* (פראו'-דראום) א פראדראם, איינע פון די ערשטע סמנים פון א קראנקהייט; א ליטערארישעם אדער וויסענשאפטליכעם ווערק וואס דיענט אלס איינלייטונג צו אן אנדער ווערק.

prodrom'ic *a.* (פרא-דראמ'-איק) וואס איז שייך צו א פראדראם אדער צו דעם ערשטען סמן פון א קראנקהייט.

prod'romous *a.* (פראד'-רא-מאס) ז. *prodromal*.

prod'romus *n.* (פראד'-רא-מאס) ז. *prodrome*.

prod'romy *n.* (פראד'-רא-מי) א צייכען דערפון וואס דארף קומען, אן אנדייטונג אויף דער צוקונפט.

produce' *v.* (פרא-דיוס') 1. ארויסברייינגען, ארויסגעבען, פראדוצירען; 2. פערורזאכען; ברייינגען, געבען, צייגען; פערלענגערען, אויסציהען.

1. The manager **produced** five new plays last season. 2. Small mistakes often **produce** most serious consequences.

prod'uce *n.* (פראד'-יוס) דאס פראדוקט; פערמע=פראדוקט; איינקונפט.

prod'uce-bro'ker *n.* (פראד'-יוס-בראו'-קער) דער פראדוקטען=מאקלער.

produce' by incuba'tion (פרא-דיוס' באי אינ-קיו-ביי'-שאן) אויסבריהען.

prod'uce-exchange' *n.* (פראד'-יוס-עקס-טשיינדזש') א בערזע וואו פראדוקטען ווערען געקויפט און פערקויפט.

prod'uce-mer'chant *n.* (פראד'-יוס-מויר'-טשענט) א הענדלער אדער מעקלער פון פראדוקטען.

produ'cent *n.* (פרא-דיו'-סענט) דער אדער דאס וואס פראדוצירט אדער ברייינגט ארויס.

produ'cer *n.* (פרא-דיו'-סער) אן ארויסברייינגער, א פראדוצירער, א שאפער.

producibil'ity *n.* (פרא-דיו-סי-ביל'-אי-טי) פראדוצירבארקייט; דאס קענען ארויסגעבראכט ווערען.

produ'cible *a.* (פרא-דיו'-סיבל) וואס קען פראדוצירט ווערען; וואס קען ארויסגעבראכט ווערען.

produ'cibleness *n.* (פרא-דיו'-סיבל-נעס) דאס קענען פראדוצירט אדער ארויסגעבראכט ווערען.

prod'uct *n.* (פראד'-אקט) א פראדוקט; דאס רעזולטאט, די סומע [פון א רעכנונג, איבערהויפט פון א כפל].

produc'tile *a.* (פרא-דאק'-טיל) וואס קען פערלענגערט ווערען, וואס קען אויסגעצויגען ווערען.

produc'tion *n.* (פרא-דאק'-שאן) פראדוצירונג, ארויסברייינגונג, שאפונג; א ווערק; א פראדוקט.

produc'tive *a.* (פרא-דאק'-טיוו) פראדוקטיוו; פרוכטבאר; ארויסברייינגענד, שאפענד.

produc'tively *adv.* (פרא-דאק'-טיוו-לי) אויף א פראדוקטיווען שטייגער.

produc'tiveness *n.* (פרא-דאק'-טיוו-נעס) די פראדוקטיוויטעט, די פרוכטבארקייט.

productiv'ity *n.* (פראו-דאק-טיוו'-אי-טי) פראדוקטיוויטעט, פרוכטבארקייט.

produc'tress *n.* (פרא-דאק'-טרעס) די פראדוצירערין, די וואס שאפט אדער ברייינגט עפעס ארויס.

pro'em *n.* (פראו'-עם) א פאררעדע, א הקדמה, אן איינלייטונג.

proe'mial *a.* (פרא-אי'-מי-על) איינלייטענד; וואס איז שייך צו א הקדמה אדער פאררעדע.

profana'tion *n.* (פראפ-ע-ניי'-שאן) פראפאנאציע, פערשוועכונג, ענטהייליגונג, דאס מחלל זיין.

profan'atory *a.* (פרא-פענ'-ע-טא-רי) פראפאנירענד; פערשוועכענד [א הייליגקייט]; וואס איז מחלל.

profane' *v. and a.* (פרא-פיין') פראפאנירען, מחלל זיין, פערשוועכען, ענטהייליגען, וואכעדיג מאכען; פערשוועכט, וואכעדיג, אונריין, ניט הייליג; וועלטליך, געוועהנליך, פראסט.

profane' his'tory (פרא-פיין' היס'-טא-רי) די וועלט=געשיכטע [אין געגענזאץ צו דער קירכען=געשיכטע].

profane'ly *adv.* (פרא-פיינ'-לי) וואכעדיג, אונהייליג; אויף א פראפאנירענדען אדער פערשוועכענדען שטייגער.

profane'ness *n.* (פרא-פיינ'-נעס) פראפאנאציע, די אונאכטונג צו עפעס; אונאנשטענדיגקייט, גראבקייט, שמוציגקייט, שמוציגע רייד, נבול פה; אונריינקייט, אונהייליגקייט.

profa'ner *n.* (פרא-פיי'-נער) א מטמא, א פעראונרייניגער, א מחלל, א פערשוועכער.

profan'ity *n.* (פרא-פענ'-אי-טי) ז. *profaneness*.

profecti'tious *a.* (פראו-פעק-טיש'-אס) וואס ענטשטעהט פון עפעס; וואס שטאמט ארויס פון אימעצען [ווי פון א פאטער].

pro'fert *n.* (פראו'-פערט) אין יוריספרודענץ — דאס צושטעלען דאקומענטען צום געריכט.

profess' *v.* (פרא-פעס') 1. עפענטליך ערקלערען; בעקענען; זיך בעקענען צו א געוויסער לעהרע; 2. פערזיכערען, בעהויפטען [וועגען קענען א געוויסע זאך]; עפענטליך לערנען [יענעם].

2. I do not **profess** to know French.

professed' *a.* (פרא-פעסט') 1. עפענטליך ערקלערט; בעהויפטעט; 2. גוט בעקאנט, אויסגעשפראכען.

1. His **professed** intention was to return next week. 2. He is a **professed** woman-hater.

profess'edly *adv.* (פרא-פעס'-עד-לי) אפען, עפענטליך; לויט דער אייגענער ערקלערונג אדער בעהויפטונג; בעקאנט, אויסגעשפראכען.

profes'sion *n.* (פרא-פעש'-אן) דאס בעקענטניס, די עפענטליכע ערקלערונג, די עפענטליכע אנערקענונג פון א רעליגיאן; די בעקענונג; א פראפעסיאן, א בערוף; א פראפעסיאנעלער פאך; דאס ווערען א מאנאך.

profes'sional *a. and n.* (פרא-פעש'-אנ-על) פראפעסיאנאל, וואס איז שייך צו א פאך אדער פראפעסיאן; וואס בעשעפטיגט זיך מיט א געוויסער פראפעסיאן; פאכמאניש; וואס ציהט חיונה פון עפעס [אין געגענזאץ צו א דילעטאנט אדער ליעבהאבער]; א פאכמאן, איינער וואס בעשעפטיגט זיך ספעציעל מיט א געוויסער פראפעסיאן אדער קונסט.

profes'sional dig'nity (פרא-פעש'-אנ-על דיג'-ני-טי) דער כבוד פון דער פראפעסיאן.

profes'sional du'ties (פרא-פעש'-אנ-על דיו'-טיז) די בערופס=פפליכטען; די פפליכטען וואס עס פאדערט דער פאך.

profes'sionalism *n.* (פרא-פעש'-אנ-על-איזם) פראפעסיאנאליזם, די מעטאדען און אויפפיהרונגען פון די מענשען, וועלכע גיבען זיך אב צו א געוויסען ספארט א. ד. ג. ניט אלס ליעבהאבער, נאר אלס פאך=לייטע.

profes'sionally *adv.* (פרא-פעש'-אנ-על-אי) ווי א פראפעסיאנאליסט; לויט דער פראפעסיאן.

profes'sional man (פרא-פעש'-אנ-על מען) א מאן פון א אינטעליגענטער פראפעסיע [ווי דאקטאר, יוריסט א. ד. ג.].

profes'sional tour (פרא-פעש'-אנ-על טוהר) דאס ארומרייזען פון א קינסטלער איבער פערשיעדענע שטעדט [געבענדיג קאנצערטען].

profes'sor *n.* (פרא-פעס'-אר) א פראפעסאר, א לעהרער; אן אויסגעשפראכענער אנהענגער פון א געוויסער אמונה; א נאכפאלגער פון א געוויסער לעהרע.

profes'sorate *n.* (פרא-פעס'-אר-אייט) די פראפעסאר=שטעלע, דאס אמט אדער די לאגע פון א פראפעסאר אדער לעהרער; די דויער=צייט פון א פראפעסאר=שטעלע; די קאלעגיע פון פראפעסארען אין אן אוניווערזיטעט.

professo'rial *a.* (פראו-פע-סאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פראפעסאר.

professo'rially *adv.* (פראו-פע-סאו'-רי-על-אי) מעשה פראפעסאר.

professo'rial so'cialism (פראו-פע-סאו'-רי-על סאו'-שעל-איזם) קאטעדער=סאציאליזם. ז. *socialism of the chair*.

professo'riate *n.* (פראו-פע-סאו'-רי-אייט) ז. *professorate*.

profes'sor's chair (פרא-פעס'-ארז טשעהר) די פראפעסור; די פראפעסאר=שטעלע.

profes'sorship *n.* (פרא-פעס'-אר-שיפ) פראפעסארשאפט; דאס אמט פון א פראפעסאר.

profes'sory *a.* (פרא-פעס'-א-רי) ז. *professorial*.

prof'fer *v. and n.* (פראפ'-ער) אנבאטען, פארלעגען, פארשלאגען; אן אנבאט.

prof'ferer *n.* (פראפ'-ער-ער) א פאר=
לעגער, אן אנבאטער, א פארשלאגער.

profi'cience *n.* (פרא-פיש'-ענס)
ז. *proficiency*

profi'ciency *n.* (פרא-פיש'-ענ-סי) א
פארטשריט, א פעולה [אין לערנען].

profi'cient *a. and n.* (פרא-פיש'-ענט)
פארטגעשריטען; מיט ערפאהרונג; וואס
האט געהאט א שטארקע פעולה; איינער
וואס האט געמאכט פארטשריט; א קענער.

profi'ciently *adv.* (פרא-פיש'-ענט-לי)
מיט פארטשריט, מיט א פעולה [אין
לערנען אדער קענען עפעס].

pro'file *n. and v.* (פראו'-פיל) א פרא=
פיל, א זייטען=אנזיכט, א זייטען=בילד, א
האלב=געזיכט [א בילד וואס שטעלט פאר
א פיגור פון דער זייט]; אין ארכיטעק=
טור — דער קווער=דורכשניט [א צייכ=
נונג וועלכע שטעלט פאר א געביידע ווי
זי איז קווער דורכגעשניטען]; פראפילי=
רען, אראבנעהמען א פראפיל אדער זיי=
טען=בילד פון עפעס; אין ארכיטעקטור—
צייכנען א געביידע ווי זי איז קווער דורכ=
געשניטען.

pro'filist *n.* (פראו'-פיל-איסט) דער
וואס נעהמט ארונטער א בילד אין פרא=
פיל.

profil'ograph *n.* (פרא-פיל'-א-גרעף)
אן אינסטרומענט אויף א לייכטען וואגען
וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די אונ=
גלייכהייט פון בארען, וואו דער וואגען
איז דורכגעפאהרען.

prof'it *n. and v.* (פראפ'-איט) 1. פרא
פיט, פערדיענסט, ריוח; 2. געווין; נוץ;
3. בעגינסטיגען; פערפאלקאמען; געווי=
נען, בענוצען; 4. ברייגנען פראפיט אדער
ריוח; נוצען, טויגען; 5. מאכען פארט=
שריטע.

1. The **profits** of this business are not large.
2. There is no **profit** in endless discussions.
4. Quarrels and disputes **profit** no one.

prof'itable *a.* (פראפ'-אי-טעבל) פאר=
טיילהאפט, ניצליך, איינטרעגליך; וואס
בריינגט איין פראפיט.

He conducts a **profitable** business.

prof'itableness *n.* (פראפ'-אי-טעבל-
נעס) דאס איינברייגנען פראפיט; פאר=
טיילהאפטיגקייט, ניצליכקייט, איינטרעג=
ליכקייט.

prof'itably *adv.* (פראפ'-אי-טע-בלי)
פארטיילהאפט, מיט פראפיט; אויף א
נוצליכען אדער איינטרעגליכען שטייגער.

prof'it and loss (פראפ'-איט ענד
לאהס) פערדיענסטע און אנוועהר [ווי עס
ווערט פערצייכענט אין קאמערציעלע בי=
כער ביים קויפען אדער פערקויפען
סחורות].

prof'itless *a.* (פראפ'-איט-לעס) אהן
פראפיט; ניט איינטרעגליך; נוצלאז.

prof'itlessly *adv.* (פראפ'-איט-לעס-
לי) אהן פראפיט, אהן נוצען; ניט איינ=
טרעגליך.

prof'it-shar'ing *n.* (פראפ'-איט-
שעהר'-אינג) דאס טיילען זיך מיט די
פראפיטען מיט די ארבייטער און אנגע=
שטעלטע [א סיסטעם, ביי וועלכער די
אנגעשטעלטע און ארבייטער פון אן אונ=
טערנעהמונג קריגען א געוויסען פראצענט
פון דעם ריינעם ריוח אויסער זייער גע=
האלט].

prof'ligacy *n.* (פראפ'-לי-גע-סי) זינ=
דיגקייט; פערדארבענהייט; געמיינהייט;
א שענדליכע אויפפיהרונג.

prof'ligate *a. and n.* (פראפ'-לי-גייט)
זינדיג; שענדליך, אהן בושה; א פער=
דארבענער, שענדליכער יונג.

prof'ligately *adv.* (פראפ'-לי-גייט-
לי) אויף א שענדליכען אופן; נידריג,
אהן בושה.

prof'ligateness *n.* (פראפ'-לי-גייט-
נעס) ז. *profligacy*

prof'luent *a.* (פראפ'-לו-ענט) פלי=
סענד; וואס שטראמט פארווערטס.

pro for'ma (פראו פאהר'-מא) צוליעב
דעם אויסערליכען אויסזעהן; בלויז אלס
פארמאליטעט.

profound' *a. and n.* (פרא-פאונד')
טיעף; דורכדרינגליך, גרינדליך; טיעפ=
זיניג; פאלשטענדיג, פאלקאם; דונקעל,
פערבארגען; שווער צו פערשטעהן; א
טיעפעניש, אן אבגרונד, א תהום.

profound' atten'tion (פרא-פאונד'
ע-טענ'-שאן) געשפאנטע אויפמערקזאמ=
קייט.

profound' ig'norance (פרא-פאונד'
איג'-נא-רענס) פאלשטענדיגע אונוויסענ=
הייט.

profound' knowl'edge (פרא-פאונד'
נאל'-עדזש) א גרינדליכע קענטנים פון
עפעס.

profound'ly *adv.* (פרא-פאונד'-לי)
מיט טיעפקייט; מיט דורכדרינגליכקייט.

profound'ness *n.* (פרא-פאונד'-נעס)
די טיעפקייט, די גרינדליכקייט.

proful'gent *a.* (פרא-פאל'-דזשענט)
שטראהלענד; אבשיינענד.

profun'dity *n.* (פרא-פאנ'-די-טי)
טיעפקייט, גרינדליכקייט; טיעפעניש; אן
אבגרונד, א תהום.

profuse' *a.* (פרא-פיוס') 1. פערשווענ=
דעריש, איבערמעסיג; עקסטראוואגאנט;
2. רייכליך, בשפע.

1. The young man was **profuse** in his attention to my daughter.

profuse'ly *adv.* (פרא-פיוס'-לי) אין
איבערפלוס; בשפע; זעהר פיעל; אויף
א פערשווענדערישען אופן.

profuse'ness *n.* (פרא-פיוס'-נעס) שפע,
איבערפלוס, פיעלקייט, א סך; פערשווענ=
דונג.

profu'sion *n.* (פרא-פיו'-זשאן) 1. פער=
שווענדונג; אויסברייגגעריי; 2. איבער=
פלוס, פיעלקייט.

2. In our garden we have a **profusion** of flowers.

prog *v. and n.* (פראג) אומגעהן בעט=
לען; שנארען איבער די הייזער; גנב'ע=
נען קליינינקייטען; לאטכענען; אוועק=
שלעפען פון אונטער דער האנד; ריהען
זיך, פארקען זיך [ווי זוכענדיג עפעס אין
זאמד]; א בעטלער, א שנארער; עסענ=
ווארג וואס מען בעקומט דורך בעטלען;
שפייז; א שפיציגער שטעקען.

progen'itor *n.* (פרא-דזשענ'-אי-טאר)
אן אור=פאטער, פון וועלכען די משפחה
שטאמט ארוים.

progenito'rial *a.* (פרא-דזשענ-אי-
טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אור=
פאטער.

progen'itress *n.* (פרא-דזשענ'-אי-
טרעס) אן אור=מוטער [די פרוי, פון וועל=
כער עס שטאמט ארוים די משפחה אדער
שבט].

progen'itrix *n.* (פרא-דזשענ'-אי-
טריקס) ז. *progenitress*

prog'eny *n.* (פראדזש'-ע-ני) די נאכקו=
מענדע דורות, דאס געשלעכט.

progermina'tion *n.* (פרא-דזשויר-מי-
ניי'-שאן) די אבשטאמונג, דאס געבארען
ווערען פון עפעס.

proglot'tid *n.* (פרא-גלאט'-איד)
ז. *proglottis*

proglot'tis *n.* (פרא-גלאט'-אים) די
פראגלאטידע, איינע פון די זעלבסטבע=
פרוכטענדע רינגעלעך, וועלכע בילדען אוים
דעם קערפער פון געוויסע ווערים, ווי א
סאליטער א. ד. ג. [יעדעס רינגעלע בע=
זיצט מענליכע און ווייבליכע געשלעכטס=
ארגאנען, און דעריבער ווען עס רייסט
זיך אב, קען עס עקזיסטירען זעלבסטשטענ=
דיג א געוויסע צייט און ענטוויקעלט פון
זיך נייע רינגעלעך].

prognath'ic *a.* (פראג-נעטה'-איק) פרא=
גנאטיש, וואס האט ארויסגעשטארצטע אדער
ארויסשטעהענדע באקען=ביינער [ווי די
נעגערם, אויסטראליער א. ד. ג.].

prog'nathism *n.* (פראג'-נע-טהיזם)
פראגנאטיזם, דאס האבען ארויסשטעהענ=
דע אדער ארויסגעשטארצטע באקען=ביי=
נער [ווי ביי די נעגערם, אויסטראליער
א. ד. ג.].

prog'nathous *a.* (פראג'-נע-טהאס)
ז. *prognathic*

prog'nathy *n.* (פראג'-נע-טהי)
ז. *prognathism*

progno'sis *n.* (פראג-נאו'-סים) א פראג=
נאזע, א פארקענטנים; א פארויסזאגונג
וועגען דעם גאנג פון א קראנקהייט לויט
געוויסע סמנים.

prognos'tic *a. and n.* (פראג-נאס'-טיק)
פראגנאסטיש, פאר=אנדייטענד; א פאר=
צייכען, א פארבעדייטונג; א פארזאגונג.

prognos'ticable *a.* (פראג-נאס'-טי-
קעבל) וואס קען אנגעזאגט ווערען אדער
אנגעדייטעט ווערען פארוים.

prognos'ticate *v.* (פראג-נאס'-טי-קייט)
זאגען פארוים לויט געוויסע סמנים; פאר=
בעדייטען; אנצייגען; אורטיילען וועגען
א שפעטעריגער זאך אדער ערשיינונג לויט
געוויסע סמנים.

prognostica'tion *n.* (פראג-נאס-טי-
קיי'-שאן) די פארהער=דייטונג לויט גע=
וויסע סמנים; א פאר=צייכען.

prognos'ticative *a.* (פראג-נאס'-טי-
קיי-טיוו) וואס קען פארויסזאגען; וואס האט
דעם כאראקטער פון א פראגנאזע אדער
פארדייטונג.

prognos'ticator *n.* (פראג-נאס'-טי-
קיי-טאר) א פארוים=זאגער, א פארדיי=
טער; א וואהרזאגער.

pro'gram *n.* (פראו'-גרעם)
ז. *programme*

psychodom'eter *n.* (סאי-קא-דאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דויער פון גייסטיגע פראצעסען.

psy'cho-eth'ical *a.* (סאי'-קאו-עטה'-אי-קעל) וואס איז שייך צו איינגעבארענע מאראלישע בעגריפען.

psychog'eny *n.* (סאי-קאדזש'-ע-ני) די ענטוויקלונג פון דעם גייסט; די לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם גייסט.

psychog'ony *n.* די (סאי-קאג'-א-ני) לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם גייסט.

psy'chograph *n.* אן (סאי'-קא-גרעף)

אינסטרומענט געברויכט פון ספיריטיסטען, מיט דער הילף פון וועלכען די גייסטער גיבען כלומר'שט שריפטליך איבער ענט־פערס דורך'ן מעדיום [דעריעניגער דורך וועמען מען האט פערבינדונגען מיט די גייסטער].

psychograph'ic *a.* (סאי־קא־גרעפ'־איק) וואס איז שייך צו גייסטער־שריפט. ז. *psychography*.

psychog'raphy *n.* (סאי־קאג'־רע־פי) גייסטער־שריפט [געשריבענע ענטפערס, וואס גייסטער גיבען דורך'ן מעדיום, לויט דער בעהויפטונג פון די ספיריטיסטען]; בעשרייבונג פון גייסטיגע ערשיינונגען.

psycholog'ic *a.* (סאי־קא־לאדזש'־איק) פסיכאלאגיש, וואס איז שייך צו פסיכאלא־גיע [זעעלען־לעהרע, די לעהרע וועגען מענשליכען גייסט אדער וועגען די גייסטי־גע ערשיינונגען ביי מענשען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.].

psycholog'ical *a.* (סאי־קא־לאדזש'־אי־קעל) ז. *psychologic*.

psycholog'ically *adv.* (סאי־קא־לאדזש'־אי־קעל־אי) פסיכאלאגיש, אין בעצוג צו פסיכאלאגיע, פון א פסיכאלאגי־שען שטאנדפונקט.

psycholog'ics *n.* (סאי־קא־לאדזש'־איקס) פסיכאלאגיע [זעעלען־לעהרע, די לעהרע וועגען גייסטיגע ערשיינונגען ביי מענשען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.]; מעטאפיזיק [ז. *metaphysics*].

psychol'ogist *n.* (סאי־קאל'־א־דזשיסט) א פסיכאלאג, א קענער פון פסיכאלאגיע, א קענער פון דער מענשליכער נשמה.

psychol'ogize *v.* (סאי־קאל'־א־דזשאיז) פסיכאלאגיש אויספארשען; היפנאטיזירען.

psy'chologue *n.* (סאי־קא־לאג) ז. *psychologist*.

psychol'ogy *n.* (סאי־קאל'־א־דזשי) פסיכאלאגיע [די זעעלען־לעהרע, די לעהרע וועגען די גייסטיגע ערשיינונגען ביים מענ־שען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.].

psychom'achy *n.* (סאי־קאמ'־ע־קי) דער קאמפף פון דער זעעלע מיט דעם קערפער.

psy'chomancy *n.* (סאי־קא־מענ־סי) וואהרזאגעריי דורך פערבינדונג מיט די נשמות פון פערשטארבענע; דער איינפלוס פון איין נשמה אויף א צווייטער.

psychom'etry *n.* (סאי־קאמ'־עט־רי) אן איבערנאטירליכע פעהיגקייט צו טרעפען פערשיעדענע פערבארגענע זאכען דורך אנ־ריהרען [ווי למשל, בעשטימען א קראנק־הייט בלויז דורך אנריהרען דאס קראנקע ארט אדער טרעפען איינעמס כאראקטער אנריהרענדיג זיינעם א בריעף אדער בילד]; דאס בעשטימען די צייט וואס עס האלט אן א פסיכישער פראצעס.

psychonosol'ogy *n.* (סאי־קא־נא־סאל'־א־דזשי) דער טייל פון דער מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון גייסטיגע קראנקהייטען.

psychopan'nychism *n.* (סאי־קא־פענ'־אי־קיזם) דאס גלויבען, אז נאך א מענשען'ס טויט שלאפט זיין נשמה איין און כאפט זיך ניט אויף ביז תחית המתים.

psychopar'esis *n.* (סאי־קא־פער'־ע־סיס) גייסטיגע שוואכקייט.

psy'chopath *n.* (סאי־קא־פעטה) א פסי־כאפאט, א גייסטיג־אוננארמאלער מענש.

psychopath'ic *a. and n.* (סאי־קא־פעטה'־איק) פסיכאפאטיש, גייסטיג־אוננאר־מאל, קראנקהאפט־עמפפינדליך; א פסיכא־פאט, א גייסטיג־אוננארמאלער, א משוגע־נער.

psychop'athist *n.* (סאי־קאפ'־ע־טהיסט) א פסיכאפאטען־דאקטאר, א פסיכיאטער, א משוגעים־דאקטאר.

psychop'athy *n.* (סאי־קאפ'־ע־טהי) פסיכאפאטיע, גייסטיגע אוננארמאלקייט; דאס היילען קראנקע דורך גייסטיגער בע־איינפלוסונג.

psychophys'ics *n.* (סאי־קא־פיז'־איקס) פסיכאפיזיק [די לעהרע וועגען דער שייכות פון פיזישע און גייסטיגע ערשיי־נונגען].

psychophysiol'ogy *n.* (סאי־קא־פיז־אי־אל'־א־דזשי) ז. *physiological psychology*.

psycho'sis *n.* (סאי־קאו'־סיס) דער גייסטיגער צושטאנד; פסיכאז, א גייסטיגע קראנקהייט.

psychosomat'ic *a.* (סאי־קא־סא־מעט'־איק) וואס איז שייך אי צום גייסט אי צום קערפער.

psy'chotheism *n.* (סאי'־קא־טהיע־איזם) די לעהרע, אז גאט איז בלויז גייסט.

psychotherapeu'tics *n.* (סאי־קא־טהער־ע־פיו'־טיקס) די קונסט צו היילען גייסטיגע קראנקהייטען.

psychother'apy *n.* (סאי־קא־טהער'־ע־פי) ז. *psychotherapeutics*.

psychovi'tal *a.* (סאי־קא־וואי'־טעל) וואס איז שייך צום גייסט און צום לעבען.

psychozo'ic *a.* (סאי־קא־זאו'־איק) ז. *psychovital*.

psychrom'eter *n.* (סאי־קראמ'־ע־טער) א פסיכראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די פייכטקייט פון דער לופט].

psychrom'etry *n.* (סאי־קראמ'־עט־רי) פסיכראמעטריע [דאס בעשטימען די פייכטקייט פון דער לופט מיט דער הילף פון א פסיכראמעטער]. ז. *psychrometer*.

psychropho'bia *n.* (סאי־קרא־פאו'־בי־א) מורא פאר קעלט [הויפטזעכליך פאר קאלטען וואסער]; שטארקע עמפ־פינדליכקייט צו קעלט.

pt. אן אבקירצונג פון *part* אדער פון *pint*.

ptar'mic *n.* (טאר'־מיק) א מיטעל צום ניסען.

ptar'migan *n.* (טאר'־מי־גען) די שנעע־הוהן [א מין פויגעל וואס לעבט אין בער־גיגע געגענדען און אין די קאלטע לענדער פון דער נארדליכער העלפט פון ערד־קוגעל. אום ווינטער ווערען די פעדערען פון דיע־זען פויגעל שנעע־ווייס].

Ptarmigan

ptere *n.* (טיער) א פליגעל־עהנליכער קער־פער־טייל [ביי חיות].

pterid'ium *n.* (טע־ריד'־אי־אם) ז. *samara*.

pteridol'ogy *n.* (טער־אי־דאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען פארנען [פא־פאראטניקעס]; אן אבהאנדלונג איבער פארן־פלאנצען. ז. *fern*.

pterodac'tyl *n.* (טער־א־דעק'־טיל) אן אכאל־עקזיסטירענדער עקדיש אדער פלי־הענדער דראכען [ז. *flying-dragon*] עהנליך צו א פלעדערמויז.

Pterodactyl

pterodac'tyle *n.* (טער־א־דעק'־טיל) ז. *pterodactyl*.

pterog'raphy *n.* (טע־ראג'־רע־פי) א בעשרייבונג פון פויגעל־פעדערען.

pte'ron *n.* (טיע'־ראן) ז. *portico*.

pter'ope *n.* (טער'־אופ) דער פליה־פוקס [אזא פלעדערמויז]. ז. *flying-fox*.

pter'opod *a. and n.* (טער'־א־פאד) וואס האט א פליגעל־עהנליכען פוס [וועגען א געוויסען מין מאלוסקען אדער ווייך־טהיערע]; דער פלוס־פיסלער [אזא מא־לוסקעל מיט פליגעל־עהנליכע פיס].

pter'opode *n.* (טער'־א־פאוד) א פליה־פוקס [ז. *flying-fox*]; א פלוס־פיס־לער [ז. *pteropod*].

pteropo'dium *n.* (טער־א־פאו'־די־אם) דער פליגעל־עהנליכער טייל פון דעם פוס פון א פלוס־פיסלער. ז. *pteropod*.

pter'ygoid *a. and n.* (טער'־אי־גאיד) פליגעל־עהנליך; אזא מין ביין אין דעם געזיכט.

ptis'an *n.* (טיז'־ען) א לייכטער גע־טראנק, ווי גערשטען־וואסער אדער בלומען־טהעע; וויינטרויבען־זאפט וואס רינט אליין ארויס אהן אויסצודריקען.

P. T. O. ראשי תבות פון די ווער־טער *please turn over* [א בעמער־קונג וואס ווערט געמאכט אויף דעם ענד פון א געשריבענעם אדער געדרוקטען בלאט פאפיער, אז מען זאל עס איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט צו לעזען דאס ווייטערדיגע].

Ptolema'ic *a.* (טאל־ע־מיי'־איק) פטא־לעמעאיש, וואס איז שייך צום עגיפטיש־גריכישען געאגראף און אסטראנאם פטא־לעמעאוס אדער צו זיין אסטראנאמישער סיסטעם; וואס איז שייך צו דעם עגיפטי־שען קעניג פטאלעמעאוס אדער צו זיינע נאכפאלגער, וועלכע האבען זיך גערופען מיט דיעזען נאמען [האבען געהערשט אין עגיפטען פון ענדע דעם 4טען יאהרהונדערט ביז צום ערשטען יאהרהונדערט פאר קרים־טוס'עס געבורט].

Ptolema'ic sys'tem (טאל־ע־מיי'־איק סיס'־טעם) דאס פטאלעמעאישע אסטראנא־מישע סיסטעם, די אלטע אסטראנאמישע לעהרע פון דעם עגיפטיש־גריכישען אס־טראנאם פטאלעמעאוס [האט געלעבט אן ערך 140 יאהר פאר קריסטוס] וואס בע־הויפטעט, אז די ערד שטעהט אונבעוועג־ליך, אז זי איז דער מיטעלפונקט פון או־ניווערזום [וועלט־אל] און אז ארום איהר דרעהען זיך די זון און אלע פלאנעטען.

pto'main *n.* (טאו'־מע־אין) א כעמישער גיפטיגער שטאף, וועלכער ווערט ערהאלטען פון פערפוילטע בעשעפענישען.

pto'maine *n.* (טאו'־מע־אין) ז. *ptomain*.

pto'sis *n.* (טאו'-סים) דאס אראבפאלען פון דעם אויבערשטען אויגען=לעדעל; אונפעהיגקייט אויפצוהויבען דאס אויבערשטע אויגען=לעדעל.

pty'alism *n.* (טאי'-ע-ליזם) שפייעכץ=פלוס [א קראנקהאפטער איבערפלוס פון שפייעכץ].

ptyal'ogogue *n.* (טאי-על'-א-גאג) ז. *ptysmagogue*.

ptys'magogue *n.* (טיס'-מע-גאג) א מיטעל ארויסצורופען שפייעכץ.

pub *n.* (פאב) א גאסט=הויז, אן אכסניה, א שענק.

pub. doc. אן אבקירצונג פון די ווערטער *public document*.

pu'beral *a.* (פיו'-בע-רעל) וואס איז געשייך צו דער ערשטער פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט [ווען א מאן אדער פרוי ווערען פעהיג צו האבען קינדער] אדער צו דער צייט, ווען א פלאנצע הויבט אן צו בליהען.

pu'berty *n.* (פיו'-בער-טי) די ערשטע פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט [ווען א מאן אדער פרוי ווערען פעהיג צו האבען קינדער]; די צייט, ווען א פלאנצע הויבט אן צו בליהען.

puber'ulent *a.* (פיו-בער'-א-לענט) פוכיג, בעדעקט מיט קוים=מערקבארען פוך.

pu'bes *n.* (פיו'-ביעז) דער טייל פון מענשליכען קערפער וואס ווערט בעדעקט מיט האר אין דער ערשטער פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט; די ביינער ארום די געשלעכטס=ארגאנען; הארינקייט פון די געשלעכטס=ארגאנען; פוכיגקייט פון פלאנצען; שאם=ביינער [ז. *pubis*].

pubes'cence *n.* (פיו-בעס'-ענס) געשלעכטס=רייפקייט [אין דער ערשטער פעריאדע]; דאס ווערען געשלעכטס=רייף; הארינקייט; פוך אויף פלאנצען.

pubes'cency *n.* (פיו-בעס'-ענ-סי) ז. *pubescence*.

pubes'cent *a.* (פיו-בעס'-ענט) וואס ווערט געשלעכטליך=רייף; פוכיג, בעדעקט מיט פוך.

pu'bic *a.* (פיו'-ביק) וואס געהערט צום שאם=ביין. ז. *pubis*.

pu'bis *n.* (פיו'-ביס) דער שאם=ביין [דער ביין וואס געפינט זיך איבער דעם געשלעכטס=גליעד].

pub'lic *a.* and *n.* (פאב'-ליק) פון קהל, וואס געהערט צו קהל; געזעלשאפטליך; עפענטליך; אלגעמיין; וואס בעלאנגט אדער איז שייך צום גאנצען פאלק; וואס איז שייך צום כלל; דאס פובליקום, דער עולם.

pub'lic acts (פאב'-ליק עקטס) געזעצע און רעגולאציאנען וועגען עפענטליכע, געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען [אזעלכע וואס זיינען נוגע דעם כלל].

pub'lic admin'istrator (פאב'-ליק עד-מינ'-איס-טריי-טאר) א רעגיערונגס=בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער דעם אייגענטום פון דיעניגע וואס זיינען געשטארבען ניט איבערלאזענדיג קיין צואה.

pub'lican *n.* (פאב'-לי-קען) א גאסט=ווירטה, א שענקער; א צאל=בעאמטער; אין פארצייטיגען רוים — אן אטקופשטשיק, איינער וואס האט געהאלטען אין ארענדע פערשיעדענע שטייערען.

publica'tion *n.* (פאב-לי-קיי'-שאן) פובליקאציאן, פערעפענטליכונג, עפענטליכע בעקאנטמאכונג, ארויסגעבונג פון געדרוקטע זאכען [ביכער, זשורנאלען, צייטונגען, מוזיק=שטיקער, לאנד=קארטען א. ז. וו.]; א פובליקאציאן, א געדרוקטע אויסגאבע.

publica'tion price (פאב-לי-קיי'-שאן פראיס) דער פערקויפס=פרייז פון א בוך, צייטשריפט א. ז. וו.

pub'lic at large (פאב'-ליק עט לארדזש) דער גרויסער עולם, די מאסע.

pub'lic auc'tion (פאב'-ליק אהק'-שאן) א ליציטאציע, אן אויקציאן, אן עפענטליכער אויספערקויף.

pub'lic bill (פאב'-ליק ביל) א געזעץ=פארשלאג וואס איז נוגע דעם כלל.

pub'lic char'acter (פאב'-ליק קער'-עק-טער) א בעקאנטע פערזענליכקייט, אן עפענטליכע פערזאן.

pub'lic corpora'tion (פאב'-ליק קאהר-פא-ריי'-שאן) אן עפענטליכע אדער קהל'שע קארפאראציאן, ווי א געמיינדע, א שטאדט א. ז. וו. [א קארפאראציאן איז א קערפערשאפט, וואס ווערט אנערקענט אלס יורידישע פערזאן און בעקומט דאס געזעצליכע רעכט אויף א געוויסער טהעטיגקייט אדער אונטערנעהמונג]. ז. *corporation*.

pub'lic cred'it (פאב'-ליק קרעד'-איט) עפענטליכער קרעדיט [דער קרעדיט פון א שטאאט, שטאדט, געמיינדע א. ז. וו.].

pub'lic debt (פאב'-ליק דעט) שטאאטס=שולדען.

pub'lic doc'ument (פאב'-ליק דאק'-יו-מענט) א דרוק=אויסגאבע פון דער רעגיערונג [מיט אינפארמאציאנען, סטאטיסטישע מאטעריאלען א. ז. וו.].

pub'lic domain' (פאב'-ליק דא-מיין') רעגיערונגס=לאנד, גרונד=אייגענטום וואס בעלאנגט צום שטאאט.

pub'lic en'emy (פאב'-ליק ענ'-ע-מי) איינער געגען וועמען דער שטאאט פיהרט קריעג; א שונא פון דעם כלל; א ים=רויבער.

pub'lic func'tion (פאב'-ליק פאנק'-שאן) אן עפענטליכע אונטערהאלטונג.
The inauguration ball was a most enjoyable **public function.**

pub'lic func'tionary (פאב'-ליק פאנק'-שאנ-ער-אי) אן עפענטליכער בעאמטער, א שטאאטס=בעאמטער.

pub'lic funds (פאב'-ליק פאנדז) שטאאטס=געלד.

pub'lic good (פאב'-ליק גוד) טובת הכלל.

pub'lic-hear'ted *a.* (פאב'-ליק-האר'-טעד) ז. *public-spirited*.

pub'lic hol'iday (פאב'-ליק האל'-אי-דיי) א געזעצליכער יום טוב.

pub'lic house (פאב'-ליק האוס) א גאסט=הויז, אן אכסניה, א האטעל, א שענק; אן עפענטליכעס הויז; א שאנד=הויז, א פראסטיטוציאנס=הויז; א פלאץ, וואו מען קומט צוליעב אונמאראלישע צוועקען, צו שפיעלען קארטען א. ז. וו.

pub'lic inde'cency (פאב'-ליק אינ-דיע'-סענ-סי) אין יוריספרודענץ—עפענטליכע אונאנשטענדיגקייט [אלעם וואס איז געגען דער עפענטליכער מאראל אדער קען זי פערדארבען, ווי למשל: געברויכען עפענטליך אונאנשטענדיגע אויסדריקע, צייגען דעם נאקעטען קערפער, ארויסשטעלען אונאנשטענדיגע בילדער א. ז. וו.].

pub'lic institu'tion (פאב'-ליק אינ-סטי-טיו'-שאן) אן עפענטליכע אנשטאלט [ווי פאר ערציהונג, צדקה א. ז. וו.] לטובת הכלל.

pub'licist *n.* (פאב'-לי-סיסט) איינער וואס שרייבט איבער שטאאטס=רעכטע אדער פעלקער=רעכטע; א פובליציסט [א שרייבער איבער פאליטישע טאגעס=פראגען].

public'ity *n.* (פאב-ליס'-אי-טי) עפענטליכקייט, בעקאנטקייט.
The papers always give a wide **publicity** to any remarks of our mayor.

pub'lic lands (פאב'-ליק לענדז) רעגיערונגס=לאנד [הויפטזעכליך צום אויסטיילען און פערקויף].

pub'lic law (פאב'-ליק לאה) שטאאטס=רעכט, אינטערנאציאנאלעם רעכט.

pub'lic laws (פאב'-ליק לאהז) געזעצע וואס זיינען נוגע דעם גאנצען כלל.

pub'lic li'brary (פאב'-ליק לאי'-ברע-רי) אן עפענטליכע, קהל'שע ביבליאטעק.

pub'licly *adv.* (פאב'-ליק-לי) 1. עפענטליך; 2. מיט אלגעמיינער צושטימונג, אין נאמען פון דעם כלל.
1. It was **publicly** announced that Mr. X. would be the next ambassador to England.

pub'lic man (פאב'-ליק מען) א קהל'שער מענש, א כלל=טהוער.

pub'lic-min'ded *a.* (פאב'-ליק-מאינ'-דעד) ז. *public-spirited*.

pub'lic-min'dedness *n.* (פאב'-ליק-מאינ'-דעד-נעס) ז. *public siprit*.

pub'licness *n.* (פאב'-ליק-נעס) עפענטליכקייט; אלגעמיינהייט [פון בעזיץ], דאס בעלאנגען צו קהל, דאס זיין אלגעמיין.

pub'lic nui'sance (פאב'-ליק ניו'-סענס) 1. אן אונגעזעצליכע טהאט, א שטערונג, א בעלעסטיגונג וואס בעריהרט דעם כלל; 2. איינער וואס בעגעהט אזעלכע טהאטען, מאכט שטערונגען אדער בעלעסטיגט.
1. Speeding on the highways in an automobile is regarded as a **public nuisance** and is punished as such.

pub'lic of'fice (פאב'-ליק אפ'-איס) א רעגיערונגס=אמט.

pub'lic opin'ion (פאב'-ליק א-פינ'-יאן) די עפענטליכע מיינונג.

pub'lic or'ator (פאב'-ליק אר'-ע-טאר) א בעאמטער פון אן ענגלישער אוניווערזיטעט, וואס ערפילט געוויסערמאסען די פליכטען פון א סעקרעטער.

pub'lic pol'icy (פאב'-ליק פאל'-אי-סי) די אינטערעסען פון כלל.
The Sherman anti-trust law declares contracts in restraint of trade against **public policy.**

pub'lic prin'ter (פאב'-ליק פרינ'-טער) דער פערוואלטער פון דער פעדעראלער רעגיערונגס=דרוקעריי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

pub'lic prints (פאב'-ליק פרינטס) פעריאדישע אויסגאבען [צייטונגען, זשורנאלען].

pub'lic prop'erty (פאב'-ליק פראפ'-ער-טי) 1. שטאאטס=בעזיץ, קהל'שעם אייגענטום; 2. עטוואס וואס איז אלגעמיין בעקאנט, וואס איז ניט קיין סוד.
1. In some countries railroads are **public property.** 2. His family troubles are **public property.**

pub'lic pros'ecutor (פאב'-ליק פראס'-אי-קיו-טאר) א פראקוראר.

pub'lic rec'ords (פאב'-ליק רעק'-ארדז) אפיציעלע פראטאקאלען, פערצייכנונגען אדער טאבעלען.

pub'lic rev'enues (פאב'-ליק רעוו'-ע-ניוז) שטאאטס=הכנסות.

pub'lic rights (פאב'-ליק ראיטס) די רעכטע פון דעם שטאאט איבער די בירגער און דאס רעכט פון די בירגער אין שטאאט אדער בנוגע צום שטאאט.

pub'lic sale (פאב'-ליק סייל) ז. *public auction*.

pub'lic school (פאב'-ליק סקוהל) אין

די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן עלעמענטאר=שול; אין שאטלאנד — א שול אונטער דער אויפזיכט פון א פערוואלטונגס=קאמיטעט; אין ענגלאנד — א פריוואט מיטעל=שול [אויסגעהאלטען מעהרסטענס פון די רייכע קלאסען].

pub'lic spir'it (פאב'-ליק ספיר'-איט) איבערגעגעבענהייט צו קהל'שע אינטערעסען; אפפערוויליגקייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'ited *a.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד) פאטריאטיש, איבערגעגעבען צו קהל'שע אינטערעסען, וואס ארבייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'itedly *adv.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד-לי) פאטריאטיש, מיט איבערגעגעבענהייט אדער אפפערוויליגקייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'itedness *n.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד-נעס) דאס זיין פאטריאטיש, איבערגעגעבען צו קהל'שע אינטערעסען אדער דאס זיין גענייגט צו אפפערען מיט די אייגענע אינטערעסען לטובת הכלל.

pub'lic stores (פאב'-ליק סטאורז) פארראט=לאגערען, מאגאזינען מיט די נויטיגע זאכען פאר דעם מיליטער אדער פאר דער פלאטע; רעגיערונגס=מאגאזינען, וואוהין מען ברייגנט אימפארטירטע סחורות צום אבשאצען [אום צו בעשטימען די איינפיהר=שטייערען] אדער וואו מען האלט אימפארטירטע סחורות אלס משכון פאר שטייערען.

pub'lic trust (פאב'-ליק טראסט) א ירושה=פאנד לטובת הכלל, פערוואלטעט פון א ספעציעלען קאמיטעט.

pub'lic use (פאב'-ליק יוס) קהל'שער געברויך, געברויך פאר אלגעמיינע קהל'שע צוועקען.

pub'lic works (פאב'-ליק וואירקס) קהל'שע ארבייטען [ווי אייזענבאהנען, האפענס, קאנאלען א. ז. וו.].

pub'lish *v.* (פאב'-ליש) פערעפענטליכען; אויפדעקען, ברייגנען צום שיין, אויסשטעלען, צייגען, בעקאנטמאכען; פערלעגען, דרוקען, ארויסגעבען [צייטונגען, ביכער א. ז. וו.].

pub'lishable *a.* (פאב'-ליש-עבל) וואס קען פערעפענטליכט ווערען; וואס קען ארויסגעגעבען ווערען אדער געדרוקט ווערען [ווי ביכער, צייטונגען א. ז. וו.].

pub'lisher *n.* (פאב'-ליש-ער) אן ארויסגעבער, א פערלעגער [פון ביכער, צייטונגען א. ז. וו.]; איינער וואס פערעפענטליכט אדער מאכט בעקאנט.

pub'lisher's im'print (פאב'-ליש-ערז אימ'-פרינט) דעם פערלעגער'ס נאמען, אדרעס און דער דאטום פון דער פובליקאציאן [מעהרסטענטייל אויף דער פאדער=זייט].

pub'lishing *a. and n.* (פאב'-ליש-אינג) בעקאנטמאכענד; ארויסגעבענד [ביכער, צייטונגען א. ז. וו.]; פערעפענטליכונג, ארויסגעבונג.

pub'lishing house (פאב'-ליש-אינג האוס) א פערלאגס=געשעפט, א פערלאגס=פירמע.

pub'lishment *n.* (פאב'-ליש-מענט) פערעפענטליכונג, בעקאנטמאכונג; אן אפיציעלע עפענטליכע ערקלערונג וועגען א געפלאנטער הייראט [ז. *banns*].

puccoon' *n.* (פא-קוהן') דאס קאנאדישע בלוט=קרויט [אזא פלאנצע]; אזא אמעריקאנער פלאנצע מיט גאלד=געלבע טעלער=פערמיגע און האריגע בלומען.

puce *a.* (פיוס) רויט=ברוין, פורפור=ברוין; וואס האט דעם קאליר פון א פלוי.

pu'ceron *n.* (פיו'-סע-ראן) די בלאט=לויז, די גראז=לויז.

puck *n.* (פאק) א וואלד=טייוועל, א שד, א רוח; א לוסטיגער טייוועל.

Puck *n.* (פאק) אן אויבער=טייוועל, א וואזשנער שד.

puck'-ball *n.* (פאק'-באהל) ז. *puffball*.

puck'er *v. and n.* (פאק'-ער) 1. צונויפקנייטשען, צורונצלען; מאכען פאלטען; צונויפציהען אין קנייטשען אדער פאלטען; ווערען צוקנייטשט אדער צורונצעלט; 2. א קנייטש, א פאלט; 3. אויפרעגונג, צוטומלונג, פערווירונג.

1. His skin **puckered** up in wrinkles. 3. The whole community was in a **pucker**.

puck'erer *n.* (פאק'-ער-ער) א קנייטשער, א פאלטער.

puck'ery *a.* (פאק'-ער-אי) 1. וואס ציהט צוזאמען דאס מויל אין קנייטשען [וועגען א שארפען געשמאק, ווי זויערקייט אדער ביטערקייט]; 2. וואס צורונצעלט אדער צוקנייטשט; וואס קנייטשט אדער רונצעלט זיך.

1. Some of these apples are acrid and **puckery**.

puck'ery taste (פאק'-ער-אי טייסט) א געשמאק וואס ציהט צונויף דאס מויל אין קנייטשען [ווי ביטערקייט אדער זויערקייט].

puck'ish *a.* (פאק'-איש) ווי א וואלד=טייוועל; לוסטיג.

pud *n.* (פאד) א לאפע, א פויסט, א האנד.

pud'dening *n.* (פוד'-נינג) אזא דיקע קישען געמאכט פון שטיקער פאנאנדערגעפלאכטענע שטריק און בעדעקט מיט דיקען לייוועגט וואס ווערט בענוצט אלס א שוץ פאר דעם פאדערשטען ענד פון א שיף.

pud'der *v. and n.* (פאד'-ער) ליארמען, טומלען; א ליארם, א טומעל.

pud'ding *n.* (פוד'-אינג) א פודינג; א קוגעל; א פלייש=ווארשט, געהאקטעס פלייש געפילט אין א קישקע; א קישען געמאכט פון שטיקער פאנאנדערגעפלאכטענע שטריק וואס ווערט בענוצט אלס א שוץ פאר דעם פאדערשטען ענד פון א שיף.

pud'ding-bag *n.* (פוד'-אינג-בעג) א זעקעל אין וועלכען עס ווערט אריינגעלעגט א קוגעל איהם אויסצוקאכען.

pud'ding-cloth *n.* (פוד'-אינג-קלאטה) א שטיקעל צייג אין וואס עס ווערט איינגעוויקעלט און פערבונדען א קוגעל איהם אויסצוקאכען.

pud'ding-faced *a.* (פוד'-אינג-פייסט) מיט א רונדען פעטען געזיכט [ווי א קוגעל].

pud'ding-fish *n.* (פוד'-אינג-פיש) דער בלוי=פיש [אזא פיש, וועלכער געפינט זיך אין די וועסט=אינדישע וואסערען]. ז. *bluefish*.

pud'ding-head *n.* (פוד'-אינג-העד) א קוגעל=קאפ, א פערשטאפטער קאפ, א שוטה, א גולם.

pud'ding-head'ed *a.* (פוד'-אינג-העד'-עד) מיט א פערשטאפטען קאפ, דום, נאריש.

pud'ding-pie *n.* (פוד'-אינג-פאי) א פלייש=פודינג, א פודינג געפילט מיט פלייש.

pud'ding-sleeve *n.* (פוד'-אינג-סליעוו) א ברייטער ארבעל; אן ארבעל פון א גלח'שען מאנטעל.

pud'ding-stone *n.* (פוד'-אינג-סטאון) דער קוגעל=שטיין [א שטיין וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע שטיינדלעך, וועלכע האלטען זיך צוזאמען].

pud'ding-time *n.* (פוד'-אינג-טאים) די עס=צייט, די צייט פון מיטאג=עסען; די רעכטע צייט.

pud'ding-wife *n.* (פוד'-אינג-הוואיף) אזא לאנגער אמעריקאנער בלוי=פיש מיט גרויסע שופען פון בלויליכען אדער בראנזקאליר מיט וועלען=פערמיגע הימעל=בלויע שטרייפען. ז. *bluefish*.

pud'dingy *n.* (פוד'-אינג-אי) ווי א קוגעל, עהנליך צו א פודינג.

pud'dle *n. and v.* (פאדל) א לוזשע; א בלאטיג טייכעל; א געדיכטע ליים=מישונג צום פערקלעפען שפאלטען אדער לעכער, אז קיין וואסער זאל ניט דורכגעהן; אן אונגעלומפערטער אדער פלומפער מענש; מאכען בלאטיג אדער מוטנע; בעשמוצען, פעראונרייניגען; פערקלעפען מיט ליים; מאכען, אז קיין וואסער זאל ניט אריינדרינגען דורך פערקלעפען מיט ליים; אויפריהרען, אויפרודערען ווי א בלאטיג טייכעל; בעשמוצען; פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען.

pud'dle-ball *n.* (פאד'ל-באהל) א שטיק גליהענדעס אייזען וואס ווערט ארויסגענומען פון גליה=אויווען צום שמיעדען אדער צום וואלצען.

pud'dle-bar *n.* (פאד'ל-באר) אן אייזען=שטאנג ווי ער קומט ארויס פון די וואלצען און איז פערוואנדעלט געווארען אין שמיעד=אייזען.

pud'dle-duck *n.* (פאד'ל-דאק) די געוועהנליכע היימישע ענטעל [קאטשקע].

pud'dler *n.* (פאד'-לער) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט ביים פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען; איינער וואס רודערט אויף א בלאטע [אין א טייכעל]; איינער וואס פערשמירט מיט ליים; איינער וואס בעשמוצט.

pud'dle-rolls *n.* (פאד'ל-ראולז) א פאר שווערע אייזען=וואלצען דורך וועלכע עס ווערען דורכגעלאזען גליהענדע שטיקער אייזען וועלכע דארפען פערוואנדעלט ווערען פון גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען.

pud'dling *n.* (פאד'-לינג) דאס אויספילען אדער אויסשמירען מיט ליים אדער וואפנע, אז קיין וואסער זאל ניט דורכדרינגען; א געדיכטע ליים=מישונג אדער וואפנע, וואס ווערט בענוצט פאר דיעזען צוועק; דאס פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען דורך גליהען אין א פלאם=אויווען.

pud'dling-fur'nace *n.* (פאד'-לינג-פויר'-נעס) א פלאם=אויווען צו פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען.

pud'dly *a.* (פאד'-לי) בלאטיג, מוטנע.

pud'dy *a.* (פאד'-אי) ז. *pudgy*.

pu'dency *n.* (פיו'-דענ-סי) שעמעוודיגקייט, צניעות.

puden'da *n.* (פיו-דענ'-דא) די געשלעכטס=טיילען, די געשלעכטס=גליעדער; די געגענדען פון די געשלעכטס=טיילען. ז. *pudendum*.

puden'dal *a.* (פיו-דענ'-דעל) וואס איז שייך צו די געשלעכטס=טיילען.

puden'dum *n.* (פיו-דענ'-דאם) די געגענד פון די געשלעכטס=טיילען.

pudg'y *a.* (פאדזש'-אי) קורץ און דיק, קליין און פעט.

pu'dic *a.* (פיו'-דיק) וואס איז שייך צו די געשלעכטס=טיילען.

pu'dical *a.* (פיו'-די-קעל) ז. *pudic*.

pu'dic ar'teries (פיו'-דיק אר'-טער-אין) די ארטעריען וועלכע געהען צו די געשלעכטליכע טיילען.

pudic'ity *n.* (פיו-דיס'-אי-טי) שעמעוודיגקייט, צניעות.

pud'sy *a.* (פאד'-זי) ז. *pudgy*.

pueb'lo *n.* (פועב'-לאו) א געמיינדע, א שטאדט אדער א דארף אין ניו=מעקסיקא אדער אין די שפאנישע געגענדען פון אמעריקא.

Pueb'lo *n.* (פועב'-לאו) א פועבלא אינדיאנער. ז. *Pueblo Indians*.

Pueb'lo In'dians (פועב'-לאו אינ'-די-ענז) די פועבלא אינדיאנער [די טיילווייז ציוויליזירטע אינדיאנער=שבטים אין די אמעריקאנער שטאאטען ניו=מעקסיקא און אריזאנא, וועלכע וואהנען אין קאמונאלע דערפער [פועבלאס].

pu'erile *a.* (פיו'-ע-ריל) 1. קינדערש; 2. קינדיש.

2. It is puerile to deny facts.

pu'erilely *adv.* (פיו'-ע-ריל-לי) מעשה אינגעל, אויף א קינדישען אופן.

pu'erileness *n.* (פיו'-ע-ריל-נעס) ז. *puerility*.

pueril'ity *n.* (פיו-ע-ריל'-אי-טי) קינדעריי; די צייט פון קינדשאפט, דאס אינגעלשע עלטער [פון 7 יאהר ביז 14]; קינדישקייט.

puer'peral *a.* (פיו-אויר'-פע-רעל) פון קינפעט; וואס קומט פון אדער וואס איז שייך צו קינפעט.

puer'peral convul'sions (פיו-אויר'-פע-רעל קאנ-וואל'-שאנז) געבורטס=קאנוואולסיעס.

puer'peral fe'ver (פיו-אויר'-פע-רעל פי'-ווער) קינפעט=פיבער.

puer'peral insan'ity (פיו-אויר'-פע-רעל אינ-סענ'-אי-טי) וואהנזין [משוגעת] וואס קומט פון קינפעט.

puer'perally *adv.* (פיו-אויר'-פע-רעל-אי) אין פערבינדונג מיט קינפעט [ווי קינפעט=פיבער א. ד. ג.].

puer'perous *a.* (פיו-אויר'-פע-ראס) ליעגענדיג אין קינפעט.

puer'pery *n.* (פיו-אויר'-פע-רי) קינפעט, דער קינפעט=צושטאנד.

pu'et *n.* (פיו'-עט) ז. *pewit*.

puff *n., v. and int.* (פאף) אן אויספוף; א בלאז, א שטארקער הויך, א ווינד=בלאז; דער באוויסט אדער שטויב=שוועמעל [אזא שוואמיגע פלאנצע, וועלכע פערשפרייט ארום זיך א געדיכטען שטויב פון זוימען=קערנדלעך, ווען מען גיט זי א בלאז אדער א שאקעל]; עטוואס לייכטעס, אויפגעבלאזענעס און שוואמיגעס; שוואם=קוכען, אויפגעבלאזענע געבעק; א פודער=בערשטעל [אזא בערשטעל פון פוך אדער פון אן אנדער עהנליכען שטאף צום פודערען דאס געזיכט]; א רונד=פאלב [אן ארויפגענעהטער פאלב אויף א קלייד, וואס איז אין מיטען אויפגעבלאזען אדער אויפגעפופט]; א מארק=שרייערישע אדער אויפגעבלאזענע רעקלאמע; אן אויפגעבלאזענע בעריהמעריי; א רעקלאמען=מאכער; א פוסטער בעריהמער; איינער וואס בלאזט פון זיך; א פארפיום=שטרייער [א פלעשעל מיט א דעקעל מיט קליינע לעכעלעך צו שטרייען פארפיום]; בלאזען; הויכען; אויספופען, ארויסלאזען ווינד אדער רויך; שטארק אטעמען; "פייפען" אויף אימעצען; זיך גרויס מאכען, זיך אויפבלאזען, בלאזען פון זיך; מאכען רעקלאמע, לויבען אין הימעל אריין, אויפבלאזען; אוועקבלאזען; אן אויסרוף פון פעראכטונג אדער אונגעדולד.

puff'-ad'der *n.* (פאפ'-עד'-ער) די פוף=שלאנג [די גרעסטע און די גיפטיגסטע שלאנג אין אפריקא. זי ליעגט געוועהנליך אין גאנצען פערגראבען אין זאמד פון וועלכען דער קאפ שטעקט ארויס. ווען זי ווערט געריצט, בלאזט זי אויף דעם אויבערשטען טייל פון איהר קערפער].

puff'ball *n.* (פאפ'-באהל) דער באוויסט אדער דאס שטויב=שוועמעל [אזא שוואמיגע פלאנצע וועלכע פערשפרייט ארום זיך א געדיכטען שטויב פון זאמען=קערנדלעך ווען מען גיט זי א שאקעל אדער א בלאז].

puff'-bird *n.* (פאפ'-בוירד) אזא אמעריקאנער קליינער פויגעל, וועלכער האט די געוועהנהייט אויפצובלאזען זיינע פעדערען; דער נאנען=פויגעל. ז. *nun-bird*.

puff'-box *n.* (פאפ'-באקס) א פודער=קעסטעל.

puffed *a.* (פאפט) מיט פופען, מיט אויפגעבלאזענע קרויזען אדער פאלבען [וועגען קליידער].

puff'er *n.* (פאפ'-ער) א רעקלאמען=מאכער, אן אויפבלאזער, א לויבער, א ריהמער; א געדונגענער ארויפבאטער אדער פרייז=שטייגער אויף ליציטאציעס [אויקציאנען]; א בלאז=פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף]; אזא קעסעל אין וועלכען מען רייניגט לייווענד אדער באוועל דורך קאכען.

puff'ery *n.* (פאפ'-ער-אי) רעקלאמען=מאכעריי, ריהמעריי.

puff'-fish *n.* (פאפ'-פיש) דער בלאז=פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף].

puff'ily *adv.* (פאפ'-אי-לי) אויף אן אויפגעבלאזענעם אופן.

puf'fin *n.* (פאפ'-אין) דער פאפוגאי=טויכער אדער דער ים=פאפוגאי [אזא פאפוגאי=עהנליכער פויגעל וועלכער לעבט ביים ים]; א שטויב=שוועמעל. ז. *puffball*.

Puffin

puff'iness *n.* (פאפ'-אי-נעס) אויפגעבלאזענקייט.

puff'ing *n. and a.* (פאפ'-אינג) רעקלאמען=שרייבעריי, מארק=שרייערישע ריהמעריי; פופען, געפופטע אדער אויפגעבלאזענע פאלבען אדער קרויזען פון א קלייד; מארק=שרייעריש, ריהמעריש.

puff'ingly *adv.* (פאפ'-אינג-לי) אויפבלאזענדיג, ריהמענדיג, אויף א מארק=שרייערישען אופן.

puff'-paste *n.* (פאפ'-פייסט) אויפלויף, אויפגעבלאזענער טייג.

puffs *n.* (פאפס) א פרעמדע אויפגעפופטע האר=געפלעכט וואס פרויען טראגען אויף'ן קאפ.

puff'y *a.* (פאפ'-אי) 1. אנגעבלאזען, אויפגעשוואלען; 2. באמבאסטיש, אויפגעבלאזען; 3. מיט ווינד=שטויסען, שטורמדיג.

2. He has a puffy style .

pug *n. and v.* (פאג) א ליעבלינג, א ליעבלינגס=בעשעפעניש; אן אפע; א מאפס [אזא הינטעל]; א פוקס; א פוס=שפור; א פערריסענע נאז [ווי ביי א מאפס]; צוקנעטענע ליים מיט וואסער פאר ציגעל אדער טעפ; אויסטינקעווען אדער אויסשמירען מיט וואפנע; צוקנעטען ליים מיט וואסער צו מאכען דערפון טעפ אדער ציגעל.

pug'-dog *n.* (פאג'-דאג) א מאפס [אזא הינטעל].

pug'-faced *a.* (פאג'-פייסט) וואס האט אן אפען=געזיכט.

pug'gery *n.* (פאג'-ער-אי) ז. *pugree*.

pug'gi *n.* (פאג'-אי) אין אינדיען — א נאכשפירער פון גנבים, איינער וואס געפינט אויס גנבים נאך זייערע פוס=שפורען.

pug'ging *n.* (פאג'-אינג) דאס פערפערטיגען ליים פאר ציגעל; אין ארכיטעקטור — דאס אויספילען אין א געביידע דעם צווישען=רוים פון די דילען אדער פון די שייד=ווענד מיט וועלכען עס איז מאטעריאל צוליעב אקוסטישע צוועקען [אז א קלאנג אדער שטימע זאל ניט צופיעל אבהילכען].

pugh *int.* (פוה) פוי!

pu'gil *n.* (פיו'-דזשיל) ז. *pugilist*.

pu'gilism *n.* (פיו'-דזשי-ליזם) פויסט=קאמפף; באקס=קונסט.

pu'gilist *n.* (פיו'-דזשי-ליסט) א באקסער, א פויסט=קעמפפער.

pugilis'tic *a.* (פיו-דזשי-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו פויסט=קאמפף אדער באקס=קונסט.

pugilis'tically *adv.* (פיו-דזשי-ליס'-טי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון פויסט=קאמפף; אין בעצוג צו פויסט=קאמפף אדער באקס=קונסט.

pug'-mill *n.* (פאג'-מיל) א מאשין צו קנעטען ליים.

pugna'cious *a.* (פאג-ניי'-שאס) קאמפפס=לוסטיג, קריגעריש, וואס האט א נייגונג צו שלאגען זיך.

pugna'ciously *adv.* (פאג-ניי'-שאס-לי) אויף א קריגערישען אופן; קאמפפס=לוסטיג.

pugnac'ity *n.* (פאג-נעס'-אי-טי) קאמפפס=לוסטיגקייט; די בערייטקייט אדער די נייגונג צו שלאגען זיך; קריגס=לוסטיגקייט.

pug'-nose' *n.* (פאג'-נאוז') אן ארויפגעריסענע נאז; א קורנאסע.

pug'-nosed *a.* (פאג'-נאוזד) וואס האט אן ארויפגעריסענע נאז, וואס איז א קורנאסע.

pug'-piles *n.* (פאג'-פאילז) זיילען, וועלכע זיינען געשלאסען איינע מיט די אנדערע דורך קיעלען=פערמיגע אדער דורך שוואלבען=עק עהנליכע פערבינדונגען. ז. *dovetail*.

pug'ree *n.* (פאג'-רי) אזא זיידענע אדער באוועלנע שאל אין אינדיען, עהנליך צו א טורבאן, וואס ווערט ארומגעוויקעלט ארום דעם הוט אדער ארום דעם העלם צו שיצען דעם קאפ פון דער זון.

puis'ne *n. and a.* (פיו'-ני) דער אונטערער, דער אינגערער; אן אונטער=ריכטער, א ריכטער פון א נידריגערען ראנג; אינגער אדער נידריגערער [וועגען א ריכטער].

pu'issance *n.* (פיו'-אי-סענס) מאכט, שטארקייט.

pu'issant *a.* (פיו'-אי-סענט) מעכטיג, שטארק.

pu'issantly *adv.* (פיו'-אי-סענט-לי) אויף א מעכטיגען אופן; שטארק, מעכטיג.

pu'issantness *n.* (פיו'-אי-סענט-נעס) מאכט, שטארקייט.

puke *v. and n.* (פיוק) ברעכען [פון ניט=גוטקייט]; ברייגנען צום ברעכען;

דאס אויסגעבראכענע; א ברעך=מיטעל; אן אבשייליכער אדער עקעלהאפטער מענש.

Puke *n.* (פיוק) אן איינוואהנער פון דעם שטאאט מיזורי, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אלס צונעמעניש].

pu'ker *n.* (פיו'-קער) איינער וואס ברעכט.

pu'king-fe'ver *n.* (פיו'-קינג-פי'-ווער) די מילך=פעסט. ז. *milk-sickness*

pul'chritude *n.* (פאל'-קרי-טיוד) שעהנקייט.

pule *v.* (פיול) שרייען אדער וויינען ווי א קינד; פישטשען ווי א פויגעלע.

pu'ler *n.* (פיו'-לער) איינער וואס שרייט אדער וויינט, א פערזאן וואס בעקלאגט זיך.

Pu'lex *n.* (פיו'-לעקס) דער מין אינזעקטען צו וועלכען עס געהערען פליי.

pu'lex *n.* (פיו'-לעקס) א פלוי.

pu'lic *n.* (פיו'-ליק) [אזא פלוי=קרויט פלאנצע, וועלכע איז אמאל בעטראכט געווארען אלס מיטעל געגען פליי].

pu'ling *n. and a.* (פיו'-לינג) א פישטשען ווי פון א פויגעלע; א וויינען [ווי פון א קינד]; א קלאגען; פישטשענדיג, וויינענדיג, קלאגענדיג.

pu'lingly *adv.* (פיו'-לינג-לי) וויינענדיג, קלאגענדיג; פישטשענדיג [ווי א פויגעלע].

pull *v. and n.* (פול) 1. ציהען, ארויסציהען, שלעפען; רייסען, צורייסען; פליקען, קלייבען, רייסען [פלאנצען]; פיהרען אויף א רודער=שיף, רודערען; גנב'ענען [אויף גנבים=שפראך]; אראבנעהמען די האר פון פעל; 2. מאכען א פאליציי=איבערפאל; 3. א ציה, א שלעפ; 4. דאס רודערען; 5. עטוואס וואס ווערט געצויגען אדער געשלעפט [ווי למשל, דאס הענטעל פון א טהיר=גלאק]; 6. איינפלוס, מאכט, פראטעקציע; 7. א גינסטיגע געלעגענהייט, א פארטייל; 8. א זופ, א טרונק; א קאפיע, אן עקזעמפלאר [פון א דרוק=פרעס].

2. The police **pulled** the gambling-house. 4. It is healthy to have a good **pull** after a hearty dinner. 6. He has a **pull** with the governor.

pull a face (פול ע פיים) מאכען א גרימאסע, זיך פערקרימען.

pull a long face (פול ע לאהנג פיים) אננעהמען א זעהר ערנסטע מיענע.

pull and haul (פול ענד האהל) זיך ווארפען היז און הער.

pull apart' (פול ע-פארט') זיך פאנאנדעררייסען, זיך צורייסען.

Be careful: the rope will **pull apart**.

pull asun'der (פול ע-סאנ'-דער) ז. *pull apart*

pull at the same end of the rope (פול עט טהי סיים ענד אוו טהי ראופ) געהן האנד אין האנד; צוזאמענווירקען.

pull'-back *n.* (פול'-בעק) א צוריקשטויס, א שטויס צוריק, א הינדערניס, א שטערונג; א פארריכטונג צוזאמענצוציהען פון הינטען א פרויען=קלייד.

pull'-dev'il *n.* (פול'-דעוו'ל) אזא פאררוכטונג פון עטליכע האקענס צום כאפען פיש.

pull dif'ferent ways (פול דיפ'-ער-ענט הווייז) ציהען אין פערשיעדענע ריכטונגען; ניט ארבייטען הארמאניש.

pull'doo *n.* (פול'-דו) די אמעריקאנער וואסער=הוהן. ז. *coot*

pull down (פול דאון) 1. אראברייסען, פאנאנדערווארפען, פאנאנדערנעהמען [ווי א הויז, למשל]; 2. צושטערען, פערניכטען, חרוב מאכען; 3. אראבדריקען, ערנידריגען.

2. It is not always advisable to **pull down** old institutions.

pull'-down *n.* (פול'-דאון) דער דראט, וואס עפענט אויף די הילצערנע פלאטע פון אן ארגעל, וועלכע ציהט אריין און שטויסט ארויס די לופט.

pull'er *n.* (פול'-ער) איינער וואס שלעפט, א ציהער, א רייסער; אן אינסטרומענט עפעס ארויסצוציהען [ווי טישוועקעס, למשל]; איינער וואס נעהמט אראב די האר פון פעל; א פערד אין געשפאן וואס ציהט אוים די מארדע.

pull'er-in' *n.* (פול'-ער-אין') אן אריינשלעפער, אן אנגעשטעלטער פון א ביליגען געשעפט וואס שלעפט קונים פון גאס.

pul'let *n.* (פול'-עט) א היהנדעלע; אזא עסבארער אייראפעאישער מושעל.

pul'ley *n.* (פול'-אי) א ראלע, א רעדעל, א בלאק, א שייבע, א רעדעל פון א הויבמאשין אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שטריק אדער רימען צום אויפהויבען משאות.

Pulley-block

pul'ley-block *n.* (פול'-אי-בלאק) א קאפסעל אין וועלכען עס ווערט איינגעפאסט די ראלע אדער רעדעל פון א הויב=מאשין אויף וועלכען עס דרעהט זיך דער שטריק.

pul'ley-door *n.* (פול'-אי-דאור) א טהיר וואס מאכט זיך אליין צו דורך א געוויכט וואס הענגט אויף א שטריק, וועלכער דרעהט זיך אויף א רעדעל.

pul'ley-drum *n.* (פול'-אי-דראם) ז. *pulley-block*

pull'-foot *v.* (פול'-פוט) לויפען; זיך איילען.

pull for (פול פאר) רודערען אין דער ריכטונג צו...

As the storm was approaching, we **pulled for** the shore.

pull in one's horns (פול אין הוואנז הארנז) ווערען געלאסענער, זיך לאזען א ביסעל בויגען.

pull in two (פול אין טוה) צורייסען אויף צווייען.

pull'-i'ron *n.* (פול'-אי'-ערן) א האקען ביי א וואגאן, אן וועלכען מען טשעפעט אן א קייט, ווען מען דארף דעם וואגאן שלעפען מיט פערד.

Pull'man *n.* (פול'-מען) א שלאף=וואגאן, א סאלאן=וואגאן.

Pull'man car (פול'-מען קאר) ז. *Pullman*

pull'-off' *n.* (פול'-אף') די קראפט וואס פאדערט זיך צום אויסשיסען פון א שיס=געוועהר.

pull one's leg (פול הוואנז לעג) ארויסקריגען עפעס [הויפטזעכליך געלד] דורך א שפיצעל אדער שווינדעל

pull one's self togeth'er (פול הוואנז סעלף טו-געטה'-ער) זיך בערוהיגען, זיך נעהמען אין די הענד אריין, זיך קאנטראלירען.

pull one through (פול הוואן טהרוה) ארויסשלעפען פון א צרה אדער פערלעגענהייט, דורכשלעפען.

pull'-piece *n.* (פול'-פיעס) א שטריקעל אדער דרעטעל ביי א וואנד=זייגער צום מאכען קלינגען דעם זייגער, ווען מען דארף רעגולירען דעם קלינג=מעכאניזם.

pull the long'bow (פול טהי לאהנג'-באו) איבערטרייבען, דערצעהלען נישט=געשטויגענע נישט=געפלויגענע זאכען.

pull the strings (פול טהי סטרינגז) ציהען די שטריקלעך [ביי טאנצענדע ליאלקעס]; זיין דער בעל הבית, קאנטראלירען [הינטען=ארום].

pull the trig'ger (פול טהי טריג'-ער) אויסשיסען.

pull the wires (פול טהי הוואירז) דורכפיהרען עטוואס הינטען=ארום דורך פערשיעדענע פלענער, ווי דורך בעאיינפלוסען פערזאנען, דורך צונויפריידען זיך א. ד. ג.

pull the wool o'ver one's eyes (פול טהי הוואול או'-ווער הוואנז איז) אבנארען, פערפיהרען, פערבלענדען.

pull through (פול טהרוה) זיך דורכשלעפען אדער דורכקריכען מיט שוועריגקייט; זיך ארויסדרעהן פון א צרה אדער פערלעגענהייט; דורכשלעפען.

pul'lulate *v.* (פאל'-יו-לייט) אויסשפראצען.

pullula'tion *n.* (פאל-יו-ליי'-שאן) אויסשפראצונג.

pull up (פול אפ) איינהאלטען די לייצעם; זיך אבשטעלען; ארויסשלעפען, ארויסרייסען; צושטערען, פערניכטען, חרוב מאכען; אויסזידלען, אוועקגעבען א נאב; אריינגעהמען אין די הענד; ארעסטירען [און ברייגען פאר א געריכט].

pull up stakes (פול אפ סטייקס) זיך איינפאקען, זיך קלייבען צו פערלאזען א פלאץ.

pul'lus *n.* (פאל'-אס) א יונג פויגעלע; א יונגע חיה.

pulmobran'chiæ *n.* (פאל-מא-ברענ'-קי-אי) די אטהעמונגס=ארגאנען ביי מושלען, ביי איינינע מינים שפינען און עהנליכע בעשעפענישען.

pulmobran'chiate *a.* (פאל-מא-ברענ'-קי-אייט) בעזיצענד אזעלכע ביימעל=עהנליכע אטהעמונגס=ארגאנען, ווי מושלען, שפינען און אנדערע עהנליכע בעשעפענישען.

pulmom'eter *n.* (פאל-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די קאפאציטעט [רוים, גרוים] פון די לונגען.

pulmom'etry *n.* (פאל-מאמ'-ע-טרי) מעסטונג פון דער קאפאציטעט [רוים, גרוים] פון די לונגען.

pul'monar *a.* (פאל'-מא-נאר) וואס האט לונגען אדער לונגען=עהנליכע קערפערטיילען.

pulmona'rious *a.* (פאל-מא-ניי'-רי-אס) קראנק אויף די לונגען.

pul'monary *a. and n.* (פאל'-מא-נע-רי) וואס איז שייך צו די לונגען אדער צום אטהעמען; וואס בעריהרט די לונגען [ווי א קראנקהייט]; וואס דיענט אלס מיטעל צו לונגען=קראנקהייטען; וואס האט לונגען אדער לונגען=עהנליכע קערפער=טיילען; לונגען=קרויט [ז. *lungwort*]; אזא שפין אדער שפין=עהנליכע בעשעפעניש, וואס האט אזעלכע פאלדען=עהנליכע אטהעמונגס=ארגאנען.

pul'monary ar'tery (פאל'-מא-נע-רי אר'-טע-רי) א לונגען=ארטעריע [א שלאנג אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון הארצען צו די לונגען]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pul'monary bran'chiæ (פאל'-מא-נע-רי ברענ'-קי-אי) אזעלכע זיפאברעס אדער אטהעמונגס=ארגאנען ביי שפינען און

שפינען=עהנליכע בעשעפענישען, וועלכע בעשטעהען פון א רייה פאלדען.

pul'monary consump'tion (פאל'-מא-נע-רי קאנ-סאמפ'-שאן) לונגען=שווינדזוכט.

pul'monary vein (פאל'-מא-נע-רי וויין) אן אדער דורך וועלכע עס שטראמט דאס בלוט פון די לונגען צום הארצען. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pulmonibran'chiate *a.* (פאל-מא-ני-ברענ'-קי-אייט) ז. *pulmobranchiate*

pulmon'ic *a. and n.* (פאל-מאנ'-איק) וואס איז שייך צו די לונגען; א מעדיצינישער מיטעל פאר קראנקע לונגען; איינער וואס איז קראנק אויף די לונגען.

pulp *n. and v.* (פאלפ) א ווייכע מאסע; דאס פלייש אדער דאס ווייכע פון פרוכט; קימוס [שפייז וואס איז איבערגעקאכט געווארען אין מאגען און איז אריין אין די קישקעס]; די פולפע פון א צאהן [דער נערוו וואס איז אין צאהן]; די בראמשקע וואס געפינט זיך ביי דער שליסונג פון די צוריבע=טיילען פון דעם רוקען=ביין; די צוריבענע מאסע, פון וועלכער מען דארף מאכען פאפיער; צושטויבטער רויהער מעטאל געמישט מיט וואסער; פערוואנדלען אין א ווייכער מאסע [ווי למשל, פערשיעדענע מאטעריאלען צו מאכען פאפיער]; אראבנעהמען דעם ווייכען טייל [פון פרוכט]; ווערען רייף און זאפטיג [ווי דער פליישיגער טייל פון א פרוכט].

pulp'-boi'ler *n.* (פאלפ'-באי'-לער) ז. *pulp-digester*

pulp'-cav'ity *n.* (פאלפ'-קעוו'-אי-טי) דער נערוו=קאנאל אין א צאהן.

pulp'-diges'ter *n.* (פאלפ'-די-דזשעס'-טער) א מאשין אויסצוקאכען און פערוואנדלען שטרוי און האלץ אין א ווייכער מאסע, פון וועלכער מען מאכט פאפיער.

pulp'-dress'er *n.* (פאלפ'-דרעס'-ער) אן אפאראט צו רייניגען דעם צוריבענעם מאטעריאל, פון וועלכען מען דארף מאכען פאפיער.

pulp'-en'gine *n.* (פאלפ'-ענ'-דזשין) א מאשין אין פאפיער=פאבריקאציאן — איבערצוקאכען שמאטעס און אנדערע עהנליכע מאטעריאלען.

pul'per *n.* (פאל'-פער) ז. *pulp-mill*

pul'pifier *n.* (פאל'-פי-פאי-ער) אן אפאראט צו פערוואנדלען פלייש אין א קאשע=עהנליכער מאסע [פאר מענשען וואס לײדען אויף'ן מאגען].

pul'pify *v.* (פאל'-פי-פאי) פערוואנדלען אין א ווייכער מאסע, מאכען עהנליך צו א קאשע.

pul'piness *n.* (פאל'-פי-נעס) פליישיגקייט [ווי פון א פרוכט], דאס זיין ווייך ווי קאשע. ז. *pulp*

pul'ping-machine' *n.* (פאל'-פינג-מע-שין') א מאשין צו מאהלען ריבען.

pul'pit *n. and a.* (פול'-פיט) א רעדנער=ביהנע, א בימה פאר א פרעדיגער; אן עמוד; אזא שטאנג, אויף א שיפעל וואס ווערט געברויכט פאר וואלפיש=פאנג, וואס פערהיט, אז דער הארפון=ווארפער זאל ניט אריינפאלען אין וואסער; וואס איז שייך צו דער פרעדיגער=בימה, צו פרעדיגער אדער צו זייערע פרעדיגטען.

pulpiteer' *n.* (פול-פי-טיער') א פרעדיגער [א פערעכטליכער אויסדרוק].

pul'pitish *a.* (פול'-פי-טיש) ווי א בעל דרשן.

pul'pitry *n.* (פול'-פיט-רי) דאס פרעדיגען.

pulp'less *a.* (פאלפ'-לעס) אהן פלייש, אהן ווייכע טיילען [וועגען פרוכט]; אהן א פולפע [צאהן=נערוו]. ז. *pulp*

pulp'-machine' *n.* (פאלפ'-מע-שין') ז. *pulp-engine*

pulp'-mill *n.* (פאלפ'-מיל) א מאשין אויסצוקאכען און פערוואנדלען אין א קאשע פערשיעדענע מאטעריאלען פאר פאפיער=פאבריקאציאן; א מאשין צו מאהלען ריבען; א מאשין אראבצונעהמען דעם ווייכען, פליישיגען טייל פון קאפע=קערנער.

pul'pous *a.* (פאל'-פאס) פליישיג [וועגען פרוכטען]; קאשע=עהנליך.

pul'pousness *n.* (פאל'-פאס-נעס) ווייכקייט; דאס זיין עהנליך צו קאשע.

pulp'-stone *n.* (פאלפ'-סטאון) א שטיין געברויכט צום צומאהלען האלץ פאר דער פאבריקאציאן פון פאפיער.

pulp'-wash'er *n.* (פאלפ'-הוואש'-ער) ז. *pulp-dresser*

pulp'-wood *n.* (פאלפ'-הוואוד) האלץ, פון וועלכען מען מאכט פאפיער.

pul'py *a.* (פאל'-פי) ז. *polpous*

pul'que *n.* (פול'-קע) פולקע [א מעקסיקאנישער בערוישענדער געטראנק געמאכט פון אגאווע (אזא פלאנצע)]. ז. *Agave*

pul'que-bran'dy *n.* (פול'-קע-ברענ'-די) דיסטילירטע פולקע. ז. *pulque*

pul'sate *v.* (פאל'-סייט) פולסירען, שלאגען, קלאפען [ווי דאס הארץ אדער דער פולס].

pul'satile *a. and n.* (פאל'-סע-טיל) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד; וואס גיט ארויס קלאנגען דורך שלאגען אדער קלאפען [ווי א פויק, א גלאק א. ז. וו.]; אן אינסטרומענט וואס גיט ארויס קלאנגען דורך קלאפען [ווי א פויק, א טאמבורין א. ז. וו.].

pulsa'tion *n.* (פאל-סיי'-שאן) פולסירונג [דאס שלאגען פון הארץ אדער פון א פולס=אדער]; א פולס=שלאג; א קלאפ, א שלאג; אין יוריספרודענץ — דאס געבען א קלאפ ניט פעראורזאכענדיג קיין וועהטאג.

pul'sative *a.* (פאל'-סע-טיוו) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד [ווי דאס הארץ אדער פולס]; וואס גיט ארויס קלאנגען דורך קלאפען [ווי א פויק, למשל].

pulsa'tor *n.* (פאל-סיי'-טאר) איינער וואס קלאפט אדער שלאגט; א פולסאמעטער [אזא פומפ. ז. *pulsometer*].

pul'satory *a.* (פאל'-סע-טא-רי) ז. *pulsative*

pulse *n. and v.* (פאלס) דער פולס, דער פולס=שלאג; א קלאפ, א ריטמישעס קלאפען, וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג; פולסירונג; וויבראציאן; אין מוזיק — דער טאקט; סטרוטשקע=פרוכט [ווי ארבעס, פאסאליעס א. ז. וו.]; א סטרוטשקע=פלאנצע; שטימונג, נייגונג; פולסירען, שלאגען [ווי א פולס=אדער, למשל].

pulse'-glass *n.* (פאלס'-גלעס) דער פולס=האמער [א גלעזערנער אפאראט אנגעפילט מיט עטהער, וועלכער הויבט אן ווי זידען, ווען מען נעהמט איהם אין דער האנד].

pulse'less *a.* (פאלס'-לעס) וואס האט ניט קיין פולס, ביי וועלכען דער פולס שלאגט ניט; אהן לעבען.

pulse'lessness *n.* (פאלס'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א פולס; לעבענסלאזיגקייט.

pulse'-rate *n.* (פאלס'-רייט) די צאהל פולס=שלעגע פון א שלאג=אדער אין א מינוט.

pulse'-war'mer *n.* (פאלס'-הוואהר'-מער) א ווארימער האנד=מאנזשעט [צו האלטען ווארעם דעם פולס].

pulsif'ic *a.* (פאל-סיפ'-איק) וואס רעגט אויף דעם פולס; וואס רופט ארויס פולסירונג.

pulsim'eter *n.* (פאל-סימ'-ע-טער) א פולס=מעסטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראפט, אפטקייט און וואריאציאנען פון פולס.

pul'sion *n.* (פאל'-שאן) דאס טרייבען פארווערטס, דאס שטויסען.

pul'sive *a.* (פאל'-סיוו) אימפולסיוו. ז. *impulsive*

pulsom'eter *n.* (פאל-סאמ'-ע-טער) א פולס=מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם פולס]; א פולסאמעטער [א מין פומפ וואס ארבייט מיט דער הילף פון צוזאמענגעפרעסטען דאמפף].

pulta'ceous *a.* (פאל-טיי'-שיאס) ווייך, עהנליך צו קאשע; האלב=פערדייהט אדער האלב=איבערגעקאכט אין מאגען.

pulv. אין מעדיצין — אבקירצונג פון *pulvis* [א פולווער, א פראשעק].

pul'verable *a.* (פאל'-ווע-רעבל) וואס קען צופולווערט ווערען, וואס קען צומאלען ווערען אויף פולווער.

Pulverato'res *n.* (פאל-ווע-רע-טאו'-ריעז) דער מין פויגלען, וואס האבען א טבע זיך צו קייקלען אין שטויב [ווי היהנער, למשל].

pulve'reous *a.* (פאל-וויע'-רי-אס) בעשטויבט, ווי בעדעקט מיט שטויב.

pul'verin *n.* (פאל'-ווע-רין) ז. *pulverine*

pul'verine *n.* (פאל'-ווע-רין) בארילא=אש, דאס אש פון בארילא אדער זאלץ=קרויט [א פלאנצע, פון וועלכער מען מאכט סאדא].

pul'verisable *a.* (פאל'-ווע-ראי-זעבל) ז. *pulverizable*

pulverisa'tion *n.* (פאל-ווע-רי-זיי'-שאן) ז. *pulverization*

pul'verise *v.* (פאל'-ווע-ראיז) ז. *pulverize*

pul'veriser *n.* (פאל'-ווע-ראי-זער) ז. *pulverizer*

pul'verizable *a.* (פאל'-ווע-ראי-זעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין פולווער.

pulveriza'tion *n.* (פאל-ווע-רי-זיי'-שאן) צופולווערונג, פערוואנדלונג אין פולווער, דאס צומאלען אויף שטויב.

pul'verize *v.* (פאל'-ווע-ראיז) צושטויבען, צופולווערען, צומאלען, פערוואנדלען אין פולווער; ווערען צופולווערט אדער צוריבען אין שטויב; זיך קייקלען אדער וואלגערען אין שטויב [ווי היהנער און איינגע אנדערע פויגלען].

pul'verizer *n.* (פאל'-ווע-ראי-זער) איינער וואס צושטויבט אדער צומאהלט; א מאשין צום צומאהלען אדער צום צושטויבען; א פויגעל, וואס קייקעלט זיך אין שטויב [ווי למשל, א הוהן].

pul'verizing har'row (פאל'-ווע-ראי-זינג הער'-או) אזא בראנע מיט ברייטע צייהנער וואס צוברעקעלט זעהר שטארק די אויפגעאקערטע ערד. ז. *harrow*

pul'verous *a.* (פאל'-ווע-ראס) פולווער=ארטיג, שטויבארטיג; וואס בעשטעהט פון פולווער אדער שטויב.

pulver'ulence *n.* (פאל-ווער'-או-לענס) שטויביגקייט, פולווערארטיגקייט, שטויב=

ארטינקייט, בעשטויבטקייט, דאס זיין בעשטויבט.

pulver'ulent *a.* (פאל-ווער'-או-לענט) שטויביג, שטויבארטיג; בעדעקט ווי מיט שטויב [וועגען אינזעקטען און פלאנצען]; שוואך בעהעפט [וועגען צעלען-געוועב]; וואס האט א טבע זיך צו קייקלען אדער וואלגערען אין שטויב [ווי היהנער אדער אנדערע פויגלען].

pul'villar *a.* (פאל'-ווי-לאר) קישען-עהנליך [וועגען קערפער-טיילען, הויפטזעכליך וועגען די קישעלעך אויף די פיסלעך פון אן אינזעקט].

pulvil'liform *a.* (פאל-וויל'-אי-פארם) ז. *pulvillar*.

pulvil'lus *n.* (פאל-וויל'-אס) דאס קישעלע אדער דער קישען-עהנליכער טייל פון די פיסלעך ביי אינזעקטען.

pul'vinate *a.* (פאל'-ווי-נייט) עהנליך צו א קישען [אין אויסזעהען].

pul'vinated *a.* (פאל'-ווי-ניי-טעד) אין ארכיטעקטור — אנגעשוואלען, וואס האט ווי אן אנשוועלונג [וועגען א זייל].

pu'ma *n.* (פיו'-מא) די פומא, דער קוגואר. ז. *cougar*.

pum'ice *n. and v.* (פאמ'-איס) פימס-שטיין [אזא שוואם-עהנליכער לאווא-שטיין]; רייבען אדער פאלירען מיט פימס-שטיין.

pumi'ceous *a.* (פיו-מיש'-יאס) עהנליך צו פימס-שטיין, שוואם-ארטיג. ז. *pumice*.

pum'ice-stone *n.* (פאמ'-איס-סטאון) פימס-שטיין. ז. *pumice*.

pum'iciform *a.* (פאמ'-אי-סי-פארם) עהנליך צו פימס-שטיין [אזא שוואם-ארטיגער לאווא-שטיין].

pum'mel *n. and v.* (פאמ'-על) ז. *pommel*.

pum'melo *n.* (פאמ'-ע-לאו) ז. *pomelo*.

pump *n. and v.* (פאמפ) א פומפ; א שטרעבונג עפעס ארויסצוקריגען אדער אויסצונארען ביי אימעצען [געלד, א סוד א. ז. וו.]; א טאנץ-שוה, א טאנץ-טופליע; פומפען, אויספומפען; ארויסקריגען אדער אויסנארען עפעס.

pum'page *n.* (פאמ'-פיידזש) די מאס פליסיגקייט וואס ווערט אויסגעפומפט מיט איין מאל אדער אין פערלויף פון א בעשטימטער צייט.

pump'-bar'rel *n.* (פאמפ'-בער'-על) דאס פומפ-פאס, דער צילינדער פון א פומפ.

pump'-bit *n.* (פאמפ'-ביט) די פומפ-רעהר [די רעהר וואס געהט אריין און ארוים אין פומפ].

pump'-brake *n.* (פאמפ'-ברייק) ז. *pump-handle*.

pump'-cart *n.* (פאמפ'-קארט) א וואגען צו פיהרען וואסער מיט א פומפ צום בעוואסערען א פעלד אדער גארטען.

pump'-cis'tern *n.* (פאמפ'-סיס'-טוירן) א פומפ-ציסטערנע [אזא קאסטען איבער א קייט-פומפ אויף א שיף, וואוהין עס גיסט זיך אריין דאס אנגעשעפטע וואסער]; אזא פארריכטונג צו פערהיטען, אז קיין זייטיגע זאכען זאלען ניט אריינקומען אין א קייט-פומפ. ז. *chain-pump*.

pump'-dale *n.* (פאמפ'-דייל) א פומפ-רעהר [א רעהר אבצופיהרען דאס וואסער פון א פומפ].

pumped *a.* (פאמפט) אהן אן אטהעם; אנגעטהאן אין באל-שיך אדער טאנץ-שיך.

pum'per *n.* (פאמ'-פער) איינער אדער עטוואס וואס פומפט; א פעטראלעאום-קוואל, פון וועלכען מען מוז דאס פעטראלעאום אויספומפען [אנשטאט עס זאל אליין ארויסשיסען אויף דער אויבערפלעכע].

pum'pernickel *n.* (פאמ'-פער-ניק-על) פומפערניקעל, א מין גראבעס שווארצעס קארן-ברויט.

pump'-gear *n.* (פאמפ'-גיער) דער אפאראט פון א פומפ.

pump'-han'dle *n.* (פאמפ'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א פומפ.

pump'-house *n.* (פאמפ'-האוס) ז. *pump-room*.

pum'ping-en'gine *n.* (פאמ'-פינג-ענ'-דזשין) א פומפ-מאשין, א מאשין צו ברייננען אין בעוועגונג א פומפ.

pum'pion *n.* (פאמ'-פיאן) ז. *pumpkin*.

pump'kin *n.* (פאמפ'-קין) א קירבעס; די קירבעס-פלאנצע.

Pumpkin

pump'kin-head *n.* (פאמפ'-קינ-העד) א נאר, א דומער יונג.

pump'kin-seed *n.* (פאמפ'-קינ-סיעד) קירבעס-קערנער; דער אמעריקאנישער זון-פיש; א נאמען פון פערשיעדענע קליינע פיש; א מין פלאכעס ברייטעס רודער-שיפעל.

pump'kin-vine *n.* (פאמפ'-קין-וואין) די קירבעס-פלאנצע.

pump'-pis'ton *n.* (פאמפ'-פיס'-טאן) דער פומפ-קאלבען.

pump'-room *n.* (פאמפ'-רוהם) דער טרינק-זאל אין באדע-פלעצער [וואו מען טרינקט מינעראל-וואסער]; א פלאץ, וואו עס געפינען זיך פומפען.

pump ship (פאמפ שיפ) משתין זיין, פישען.

pump'-spear *n.* (פאמפ'-ספיער) א פומפ-שטאנג, א קאלבען-שטאנג.

pump'-staff *n.* (פאמפ'-סטעף) ז. *pump-spear*.

pump'-thun'der *n.* (פאמפ'-טהאנ'-דער) דער אמעריקאנישער רייהער-שנאבעל [אזא וואלד-פויגעל].

pump'-well *n.* (פאמפ'-הוועל) א ברונעם, פון וועלכען מען ציהט וואסער אדער אן אנדער פליסיגקייט מיט דער הילף פון א פומפ; אן ארומצאמונג ארום די פומפען פון א שיף.

pun *n. and v.* (פאן) א ווארט-שפיעל [מעהרסטענטייל אלס וויץ]; שפיעלען מיט ווערטער, מאכען ווארט-וויצען.

pu'na *n.* (פוה'-נא) די הויכע פלאכע געגענד צווישען די קארדיליערא-בערג אין פערו און באליוויא.

pu'na-wind *n.* (פוה'-נא-הווינד) אזא קאלטער טרוקענער ווינד וואס בלאזט אין געוויסע געגענדען פון פערו. ז. *puna*.

punch *n. and v.* (פאנטש) א געצייג עפעס אריינצוקלאפען אדער דורכצולעכערען; א דורכשניידער, א לאך-אייזען, א לעכעל-אויסהאקער; א בלאק אייזען צו שלאגען פאליעס; א פויסט-שלאג, א קלאפ, א שטויס [מיט'ן פויסט, מיט'ן עלענבויגען אדער מיט דער קניע]; פונש [א געטראנק]; א קליין מענשעלע; אזא קליין, קיילעכדיג פערדעל; בויערען; אויסהאקען א לעכעל; שלאגען, געבען קלעפ.

punch'-bowl *n.* (פאנטש'-באול) א פונש-שיסעלע [א שיסעלע, אין וועלכען מען מאכט פונש].

pun'cheon *n.* (פאנ'-טשאן) אן אינסטרומענט צום דורכלעכערען; א שטעמפעל; א פאס, א פעסעל [פון 72 גאלאן]; א קורצע, שטארקע וואנד-זייל אדער אונטערשפארע.

pun'cher *n.* (פאנ'-טשער) א דורכשניידער, א לאך-אייזען, א לעכעל-אויסהאקער; איינער וואס שטעמפעלט.

punch'-glass *n.* (פאנטש'-גלעס) א פונש-גלאז [א גלאז צום טרינקען פונש].

Punchinel'lo *n.* (פאנ-טשי-נעל'-או) א פאיאץ, א שפאס-מאכער, א פורים-שפיעלער, א בדחן.

pun'ching-bag *n.* (פאנ'-טשינג-בעג) א הענגענדער שווערער לעדערנער בייטעל, וועלכען מען קלאפט מיט די פויסטען צוליעב קערפערליכע איבונגען.

pun'ching-bear *n.* (פאנ'-טשינג-בעהר) א הידראלישע לאך-מאשין [א מאשין דורכצושלאגען לעכער אין אייזען-פלאטען, וועלכע ווערט בעטריבען מיט וואסער-קראפט].

pun'ching-machine' *n.* (פאנ'-טשינג-מע-שין') א לאך-מאשין [א מאשין צו מאכען לעכער אין אייזען].

punch'-la'dle *n.* (פאנטש'-ליי'-דל) א לעפעל, מיט וועלכען מען גיסט אן פונש אין די גלעזער.

punch'-pli'ers *n.* (פאנטש'-פלאי'-ערז) א שטעמפעל-צוויינגעל [ווי דאס צוויינגעל, מיט וועלכען קאנדוקטארען שטעמפען אייזענבאהן-בילעטען].

pun'chy *a.* (פאנ'-טשי) קורץ און גראב.

punc'tate *a.* (פאנק'-טייט) פערשפיצט; געפינטעלט, פונקטירט.

punc'tated *a.* (פאנק'-טיי-טעד) פונקטירט, געפינטעלט.

puncta'tion *n.* (פאנק-טיי'-שאן) שפיציגקייט; פערשפיצטקייט; געפינטעלטקייט; א צייטווייליגער קאנטראקט אייידער דער ריכטיגער קאנטראקט געהט אריין אין קראפט [ווערט געמאכט מעהרסטענטייל מיט'ן צוועק קלאר צו מאכען די פונקטען פון אבמאך].

puncta'tor *n.* (פאנק-טיי'-טאר) א פונקטירער, איינער וואס פונקטירט; איינער פון די בעלי-המסורה, וועלכע האבען געשטעלט די נקודות פון תנ"ך.

punctic'ulate *a.* (פאנק-טיק'-יו-לייט) ז. *punctulate*.

punc'tiform *a.* (פאנק'-טי-פארם) פונקטפערמיג, עהנליך צו א פונקט.

punctil'io *n.* (פאנק-טיל'-יאו) גרויסע פינקטליכקייט, איבערטריבענע גענויאיגקייט; פארמאליטעט, צערעמאניע.

punctil'ious *a.* (פאנק-טיל'-יאס) פינקטליך, גענוי; איבערטריבען-פינקטליך; פארמאליסטיש, צערעמאניעל.

Don't be too **punctilious** about your dress.

punctil'iously *adv.* (פאנק-טיל'-יאס-לי) מיט גענויאיגקייט און פינקטליכקייט.

punctil'iousness *n.* (פאנק-טיל'-יאס-נעס) ז. *punctilio*.

punc'tion *n.* (פאנק'-שאן) א שטאך; אן איינגעדריקטער פלאץ [ווי פון א שטאך].

punc'tist *n.* (פאנק'-טיסט) ז. *punctator*.

punc'to *n.* (פאנק'-טאו) דער שפיץ פון א שווערד, א שטויס מיט'ן שפיץ פון א שווערד [ביים פעכטען].

punc'tual *a.* (פאנק'-טשו-על) אקוראט; פינקטליך; גענוי; וואס בעשטעהט פון א פונקט אדער פינטעל; וואס שטעלט פאר א פונקט.

punctual'ity *n.* (פאנק-טשו-על'-אי-טי) גענויאיגקייט, אקוראטקייט, פינקטליכקייט; דאס בעשטעהן פון א פונקט אדער פינטעל; דאס פארשטעלען מיט זיך א פונקט.

punc'tually *adv.* (פאנק'-טשו-על-אי) פינקטליך, גענוי, אקוראט.

punc'tualness *n.* (פאנק'-טשו-על-נעס) פינקטליכקייט, אקוראטקייט, גענויאיגקייט.

punc'tuate *v. and a.* (פאנק'-טשו-אייט) 1. פונקטירען, שטעלען אבשטעל-ציינכענס [ווי קאמא (,), פונקט (.), זעמיקאלאן (;) א. ז. וו.]; שטעלען נקודות; 2. אונטערשטרייכען, פערשטארקערען; 3. פונקטירט, געפינטעלט [ווענען אינזעקטען].

2. The orator **punctuated** his remarks by gestures.

punc'tuated *a.* (פאנק'-טשו-איי-טעד) אין זאאלאגיע — פונקטירט, געפינטעלט.

punctua'tim *adv.* (פאנק-טשו-איי'-טים) פונקט נאך פונקט, זיך האלטענדיג אן יעדען פונקט אדער אבשטעל-ציינכען פון דער פונקטאציאן [ווי קאמא (,), זעמיקאלאן (;) א. ז. וו.].

The work was translated verbatim, literatim and **punctuatim**.

pyroma′niac *a. and n.* (פאי-רא-מיי′-ני-עק) וואס ליידעט פון פיראמאניע [פייער=משוגעת]; א פערזאן, וואס ליידעט פון פיראמאניע. ז. *pyromania*

pyromani′acal *a.* (פאי-רא-מיי-נאי′-ע-קעל) וואס ליידעט פון פיראמאניע [פייער=משוגעת, א משוגענע נייגונג אונטערצוצינדען].

pyroman′tic *a. and n.* (פאי-רא-מענ′-טיק) וואס איז שייך צו כשוף אדער נביאות דורך פייער; איינער וואס מאכט כשוף אדער זאגט נביאות דורך פייער.

pyrom′eter *n.* (פאי-ראמ′-ע-טער) א פיראמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די ענדערונגען וואס קומען פאר אין דער גרויס פון פעסטע קערפער [ווי מעטאל, האלץ א. ד. ג.] אונטער דעם איינפלוס פון היץ; א היץ=מעסטער.

pyromet′ric *a.* (פאי-רא-מעט′-ריק) פיראמעטריש; וואס איז שייך צו א פיראמעטער. ז. *pyrometer*

pyromet′rical *a.* (פאי-רא-מעט′-רי-קעל) ז. *pyrometric*

pyromet′rically *adv.* (פאי-רא-מעט′-רי-קעל-אי) דורך דער הילף פון א פיראמעטער. ז. *pyrometer*

pyrom′etry *n.* (פאי-ראמ′-ע-טרי) פיראמעטריע, די מעסטונג פון היץ.

pyromor′phite *n.* (פאי-רא-מאהר′-פאיט) פיראמארפיט, בליי=פאספאט [אזא מינעראל וואס בעשטעהט פון א בליי=פער=בינדונג].

py′rope *n.* (פאי′-ראופ) דער פיראפ, דער פייער=גראנאט [אזא דונקעל=רויטער גראנאט=שטיין].

py′rophane *n.* (פאי′-רא-פיין) דער פיראפאן [אזא מין אפאל=שטיין].

pyroph′anous *a.* (פאי-ראפ′-ע-נאס) וואס ווערט דורכזיכטיג דורך דער ווירקונג פון היץ.

pyropho′bia *n.* (פאי-רא-פאו′-בי-א) פיראפאביע, א קראנקהאפטע מורא פאר פייער.

py′rophore *n.* (פאי′-רא-פאור) א שטאף וואס צינדט זיך אן, ווען ער קומט אין בעריהרונג מיט דער פרייער לופט אדער מיט וואסער; א צינד=אפא=ראט, א מאשינקע צו מאכען פייער.

pyrophor′ic *a.* (פאי-רא-פאר′-איק) ז. *pyrophorous*

pyroph′orous *a.* (פאי-ראפ′-א-ראס) וואס איז שייך צו א זעלבסט=צינדער. ז. *pyrophorus*

pyroph′orus *n.* (פאי-ראפ′-א-ראס) א זעלבסט=צינדער [א שטאף וואס צינדט זיך אן פון זיך אליין אין דער לופט].

Pyroph′orus *n.* (פאי-ראפ′-א-ראס) א געוויסער מין לייכטענדע זשוקעס אדער פליעגען וועלכער געפינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא.

pyrophos′phate *n.* (פאי-רא-פאס′-פייט) א זאלץ וואס ווערט ערהאלטען דורך דערהיצען א פאספאר=זויערע.

pyrophosphor′ic *a.* (פאי-רא-פאס-פאר′-איק) וואס ווערט געבילדעט דורך דערהיצען א פאספאר=זויערע.

pyrophotog′raphy *n.* (פאי-רא-פא-טאג′-רע-פי) א פאטאגראפישער פראצעס וואו די ווירקונג פון היץ ווערט בענוצט.

pyrophyl′lite *n.* (פאי-רא-פיל′-איט) פיראפיליט [אזא מין טאלק]. ז. *talk*

py′roscope *n.* (פאי′-רא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו מעסטען אויסשטראהלענדע היץ אדער קעלט.

pyrotartar′ic *a.* (פאי-רא-טאר-טער′-איק) וואס ווערט ערהאלטען דורך דערהיצען וויינשטיין=זויערע.

pyrotech′nian *n.* (פאי-רא-טעק′-ני-ען) א פיראטעכניקער, א פייער=ווערק מייסטער.

pyrotech′nic *a.* (פאי-רא-טעק′-ניק) פיראטעכניש, וואס איז שייך צו דער פייער=ווערק קונסט.

pyrotech′nical *a.* (פאי-רא-טעק′-ני-קעל) ז. *pyrotechnic*

pyrotechni′cian *n.* (פאי-רא-טעק-ניש′-ען) ז. *pyrotechnist*

pyrotech′nics *n.* (פאי-רא-טעק′-ניקס) פיראטעכניק, די פייער=ווערק קונסט, די קונסט צו מאכען פייער=ווערק.

pyrotech′nist *n.* (פאי-רא-טעק′-ניסט) א פיראטעכניקער, איינער וואס מאכט פייער=ווערק; א פייער=ווערק קינסטלער.

py′rotechny *n.* (פאי′-רא-טעק-ני) די מעכאנישע אנווענדונג פון פייער; די פאבריקאציאן פון פייער=ווערק.

pyrot′ic *a. and n.* (פאי-ראט′-איק) עצענד, אויסברענענד, אויספרעסענד; אן אויסברען אדער אויספרעס=מיטעל.

py′roxene *n.* (פאי′-ראק-סין) פיראקסין [אזא מינעראל].

pyrox′yle *n.* (פאי-ראק′-סיל) ז. *pyroxylin*

pyroxyl′ic *a.* (פאי-ראק-סיל′-איק) וואס ווערט ערהאלטען דורך דיסטילירען האלץ [ווי האלץ=ספיריטוס].

pyroxyl′ic spir′it (פאי-ראק-סיל′-איק ספיר′-איט) האלץ=ספיריטוס, מעטיל=אלקאהאל.

pyrox′ylin *n.* (פאי-ראק′-סי-לין) פיראקסילין, שיס=בוימוואל.

pyrox′yline *n.* (פאי-ראק′-סי-לין) ז. *pyroxylin*

pyr′rhic *n. and a.* (פיר′-איק) אן אלט=גריכישער מיליטערישער טאנץ; א פירישע סטאפע [א טייל פון א פאעטישען פערז וואס בעשטעהט פון 2 קורצע זילבען]; פיריש, בעשטעהענד פון 2 קורצע זילבען; וואס איז שייך צו דעם אלט=גריכישען מיליטערישען טאנץ.

Pyrrhon′ic *a.* (פי-ראנ′-איק) וואס איז שייך צו דעם גריכישען סקעפטיקער פילאזאף פירהא [געלעבט אין דעם 4טען יאהרהונדערט בעפאר קריסטוס]; סקעפטיש, צווייפלעריש.

Pyr′rhonism *n.* (פיר′-א-ניזם) די פילאזאפישע לעהרע פון פירהא [דער גרונדגעדאנק פון דיזער לעהרע בעשטעהט

אין דעם, דאס מען קען אימער געפינען אזוי פיעל ארגומענטען פאר א מיינונג ווי געגען איהר און דעריבער קען מען זיך ווענינ פערלאזען סאי אויף דעם שכל סאי אויף די חושים]; סקעפטיציזם, צווייפעל.

Pyr'rhonist *n.* (פיר'-א-ניסט) אן אנהענגער פון דעם אלט=גריכישען פילאזאף פירהא, א סקעפטיקער, א צווייפלער, איינער וואס צווייפעלט אין אלעם.

Pythagore'an *n. and a.* (פי-טהעג-א-רי'-ען) אן אנהענגער פון דעם גריכישען מאטעמאטיקער און פילאזאף פיטהאגאראס [געלעבט אונגעפעהר אין 6טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס]; פיטהאגאריש, וואס איז שייך צו דער פילאזאפיע פון פיטהאגאראס אדער צו זיין שוהל וואס ער האט געגרינדעט.

Pythagore'anism *n.* (פי-טהעג-א-רי'-ען-איזם) ז. *Pythagorism*

Pythagore'anize *v.* (פי-טהעג-א-רי'-ען-איז) ז. *Pythagorize*

Pythagor'ic *a.* (פיטה-ע-גאר'-איק) פיטהאגאריש, וואס איז שייך צו דער לעהרע פון דעם גריכישען פילאזאף פיטהאגאראס.

Pythagor'ical *a.* (פיטה-ע-גאר'-אי-קעל) ז. *Pythagoric*

Pythag'orism *n.* (פי-טהעג'-א-ריזם) פיטאגאריזם, די פילאזאפישע שולע און די לעהרען פון גריכישען מאטעמאטיקער און פילאזאף פיטהאגאראס, וועלכער האט געלעבט אין 6טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'עס געבורט. לויט די לעהרען פון פיטהאגאראס און זיינע נאכפאלגער איז די סובסטאנץ אדער דער גרונד=עלעמענט פון יעדער זאך — א צאהל, און די הויפט=יסודות, פון וועלכע עס בעשטעהט די וועלט, זיינען אבסטראקטע צאהלען. די צאהל איינס, למשל, איז דער מקור פון יעדער שאפונג, דער יסוד פון שכל און הארמאניע, פון וועלכע עס בעשטעהט די וועלט. די צאהל צוויי איז דער מקור אדער גרונד=עלעמענט פון חומר, פון מאטעריע און שלעכטס; די צאהל דריי איז דער מקור פון פערמיטלונג, פון פעראייניגונג פון ענטגעגענגעזעצטע זאכען; די צאהל פיער איז דער אנהויב פון יושר און גערעכטינקייט, א. ז. וו. די פיטהאגארישע שולע, וועלכע האט זיך אויף אזא אופן פיעל בעשעפטיגט מיט צאהלען, האט פיעל מיטגעהאלפען דער ענטוויקלונג פון מאטעמאטישע וויסענשאפטען.

Pythag'orize *v.* (פי-טהעג'-א-ראיז) ווערען אן אנהענגער פון דער פיטהאגארישער פילאזאפיע. ז. *Pythagorism*

Pyth'ia *n.* (פיטה'-אי-א) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די פריסטערין און וואהרזאגערין פון. דעם גאט אפאלא, וועלכע פלעגט קריעגען פון' איהם די אראקעלס [נביאות] אין דעם גרויסען טעמפעל פון דעלפי.

Pyth'ian *a.* (פיטה'-אי-ען) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — וואס איז שייך צו דעלפי אדער צו די פריסטערינס פון דעם גאט אפאלא אין דעלפי.

Py'thon *n.* (פאי'-טהאן) א פראפעצייענדער גייסט; א וואהרזאגער, א נביא.

py'thon *n.* (פאי'-טהאן) א ריעזען=שלאנג.

pyth'oness *n.* (פיטה'-א-נעס) א פריסטערין פון דעם גאט אפאלא אין דעלפי [ז. *Pythia*]; א וואהרזאגערין, א נביאה.

python'ic *a.* (פי-טהאנ'-איק) וואהרזאגעריש, נביאות'דיג; עהנליך צו א ריעזען=שלאנג.

pyth'onism *n.* (פיטה'-א-ניזם) וואהרזאגעריי, נביאות.

pyx *n. and v.* (פיקס) די וואזע אין וועלכער עס ווערט געהאלטען דאס הייליגע ברויט אין דער קאטוילישער קירך; א קעסטעל אין וועלכען עס ווערען געהאלטען די פראבע=מטבעות אין דעם בריטישען מינץ=הויז [דאס הויז וואו מען מאכט מטבעות]; דאס קאמפאס=קעסטעל [דאס קעסטעל וואו דער קאמפאס פון א שיף איז אריינגעשטעלט]; אבפראבירען דורך וועגען, ווי די פראבע=מטבעות אין מינץ=הויז.

pyxid'ium *n.* (פיק-סיד'-אי-אם) אין באטאניק — א זוימען=קאפסעל וואס דער אויבערשטער טייל נעהמט זיך אראב ווי א דעקעל.

pyx'is *n.* (פיק'-סים) אזא געציערטעס טואלעט=קעסטעלע; א ציערונגס=שאכטעל; א זאלב וואס מאכט ווייך; אין באטאניק — א זוימען=קאפסעל וואס דער אויבערשטער טייל נעהמט זיך אראב ווי א דעקעל; די אויסהוילונג פון דעם היפטען=ביין; אזא לאנד=שילדקראט [טשערעפאכע] אין מאדאגאסקאר.

Q

Q, q (קיו) דער זיעבצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

Q. E. D. ראשי תבות פון די ווערטער *quod erat demonstrandum* (קוואד ער'-אט דע-מאנ-סטראנ'-דאם) וואס עס האט זיך געפאדערט צו בעווייזען.

Q. M. אבקירצונג פון *quartermaster*

Qr. אבקירצונג פון *quarter* אדער *quire*

Qt. אבקירצונג פון *quart*

Qto. פערקירצונג פון *quarto*

quab *v. and n.* (קהוואב) פלאטערען, ציטערען, טרייסלען זיך; א זומפ.

qua'-bird *n.* (קהווא'-בוירד) א מין אמעריקאנער צאפליע. ז. *heron*

quack *v., n. and a.* (קהוועק) קוואקען [ווי אן ענטעל]; בעריהמען זיך; ארויסשטעלען זיך פאר א קענער פון עפעס, בעזונדערס פון דאקטאריע; דאס קוואקען, דער געשריי פון אן ענטעל; א בעריהמער; א שארלאטאן, איינער וואס שטעלט זיך ארויס פאר א בלומרש'דיגען דאקטאר; וואס איז שייך צו בעריהמעריי, שארלאטאניש.

quack'ery *n.* (קהוועק'-ער-אי) בעריהמעריי; שארלאטאנסטווע [בעזונדערס אין מעדיצין].

quack'ish *a.* (קהוועק'-איש) בעריהמעריש, שארלאטאניש; ווי א שארלאטאן.

quack'ism *n.* (קהוועק'-איזם) שארלאטאנסטווע [בעזונדערס אין דאקטאריע].

quack'salver *n.* (קהוועק'-סעל-ווער) דער קוואק=זאלבער, איינער וואס שטעלט זיך ארויס פאר א דאקטאר; א שארלאטאן.

quack'salving *a.* (קהוועק'-סעל-ווינג) שארלאטאניש, שווינדלעריש.

quad *n. and v.* (קהוואד) א הויף; דער הויף פון א טורמע; א טורמע; אריינזעצען אין טורמע; ביי דרוקער — א שריפט=קוואדראט [ז. *quadrat*]; אנפילען [זאץ] מיט שריפט=קוואדראטען.

quad'rable *a.* (קהוואד'-רעבל) אין געאמעטריע — וואס קען מיט זיך פארשטעלען א קוואדראט; וואס קען איינגעטיילט ווערען אין קוואדראטען.

quadragena'rious *a.* (קהוואד-רע-דזשי-ניי'-רי-אס) פיערציג=יעהריג; וואס בעשטעהט פון פיערציג.

quad'ragene *n.* (קהוואד'-רע-דזשין) אין דער קאטוילישער קירך — אן אינדולגענציע אדער זינד=פערגעבונג, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון פאפסט אויף פיערציג טעג.

Quadrages'ima *n.* (קהוואד-רע-דזשעס'-אי-מא) די פיערציג טעג פון דער קריסטליכער פאסט=צייט; די קריסטליכע פאסט=צייט.

quadrages'imal *a. and n.* (קהוואד-רע-דזשעס'-אי-מעל) וואס געהערט צו דער קריסטליכער פאסט=צייט; א מתנה פון אן אונטערגעארדענטער קירך פאר א הויפט=קירך [אין פאסט=צייט].

Quadrages'ima Sun'day (קהוואד-רע-דזשעס'-אי-מא סאנ'-דיי) דער ערשטער זאנטאג פון דער קריסטליכער פאסט=צייט.

quad'rangle *n.* (קהוואד'-רענגל) א פיער=עק, א פיער=קאנטיגע פיגור; א פיער=עקיגער הויף פון א געביידע.

quadran'gular *a.* (קהוואד-רענ'-גיו-לאר) פיער=עקיג, פיער=קאנטיג.

quadran'gularly *adv.* (קהוואד-רענ'-גיו-לאר-לי) אין דער פארם פון א פיער=עק.

quad'rans *n.* (קהוואד'-רענז) אן אלט=רוימישע קליינע קופערנע מטבע.

quad'rant *n.* (קהוואד'-רענט) א פיער=טעל פון א קרייז; א קוואדראנט [אן אסטראנאמישער אינסטרומענט צו מעסטען די הויך און די נייגונג פון דער זון און פון די שטערען]; אן אינסטרומענט צו מעסטען די אנבוינונג פון א הארמאט אין בעצוג צום האריזאנט [ביים אנשטעלען דעם ציעל].

quad'rantal *a. and n.* (קהוואד'-רענ-טעל) וואס געהערט צו א פיערטעל פון א קרייז; וואס געהערט צו א קוואדראנט [ז. *quadrant*]; אזא פארצייטיגע אלט=רוימישע פליסיגקייטס=מאס.

quad'rantid *n.* (קהוואד'-רענ-טיד) איינער פון א מאסע פאלענדע שטערען וואס ווערען בעאבאכטעט אום צווייטען און דריטען יאנואר.

quad'rat *n.* (קהוואד'-רעט) א שריפט=קוואדראט [א פיער=עקיגעס שטיקעל בליי

אויסצופילען און פאנאנדערשפרייטען דרוק=שריפט]; אזא אינסטרומענט צו מעסטען די הויך פון געגענשטענדע; א סעריע פון פיער.

quad'rate *a., n. and v.* (קהוואד׳־רייט) פיער=עקיג, פיער=זייטיג; קוואדראטיש, גע׳כפל׳ט אויף זיך אליין; א קוואדראט [א פיער=עקיגע פיגור, ביי וועלכער אלע זייטען און אלע ווינקלען זיינען גלייך]; א קוואדראט [דער פראדוקט וואס בע=קומט זיך פון כפל׳ען א צאהל אויף איהר אליין, ווי 9=3×3, 100=10×10 א. ז. וו.]; פאסען, זיין אנגעמאסטען, הארמא=נירען.

quadrat'ic *a. and n.* (קהוואד־רעט׳־איק) קוואדראטיש; אין אלגעברא — א קוואדראטישע גלייכונג [א גלייכונג, וואו די אונבעוואוסטע צאהל איז גע׳כפל׳ט אויף זיך אליין ווי $ax^2+2bx+c=o$].

quadrat'ically *adv.* (קהוואד־רעט׳־אי־קעל־אי) אויף דער ארט פון א קוואד=ראט; גע׳כפל׳ט אויף זיך אליין.

quadrat'ic equa'tion (קהוואד־רעט׳־איק אי־קהוויי׳־שאן) א קוואדראטישע גלייכונג. ז. *quadratic*.

quadrat'ic fig'ure (קהוואד־רעט׳־איק פיג׳־יור) א קוואדראטישע פיגור, א פיגור וואס האט נור צוויי דימענזיאנען, ד. ה. זי מעסט זיך נור אין דער לענג און אין דער ברייט.

quadrat'ics *n.* (קהוואד־רעט׳־איקס) דער טייל פון אלגעברא וואס בעשעפטיגט זיך מיט קוואדראטישע גלייכונגען.
ז. *quadratic*.

quadra'trix *n.* (קהוואד־ריי׳־טריקס) אין געאמעטריע — די קוואדראטריקס, א קרומע ליניע, דורך וועלכער מען קען אויסגעפינען די קוואדראטור פון אנדע=רע קרומע ליניען.

quad'rature *n.* (קהוואד׳־רע־טשור) אין געאמעטריע — די קוואדראטור, דאס אויס׳חשבונ׳ען אזוי, אז א פלעכע פון א געוויסער פארם זאל זיין גלייך צו א קוואדראט אדער פיער=עק; דאס פער=וואנדלען אין א קוואדראט; אין אסטרא=נאמיע — די קוואדראטור, די לאגע פון א פלאנעט בנוגע צו אן אנדער פלאנעט אדער צו דער זון, ווען זיי זיינען דער=ווייטערט איינע פון די אנדערע אויף א פיערטעל קרייז אדער 90 גראד.

quad'rel *n.* (קהוואד׳־רעל) אין ארכי=טעקטור — א פיער=עקינער שטיין, ציעגעל א. ד. ג.

quadrelle' *n.* (קהוואד־רעל׳) א פיער=קאנטיגערווארף=שטיין אדער קויל.

quadren'nial *a. and n.* (קהוואד־רענ׳־אי־על) פיער=יעהריג, פיער=יעהרליך; וואס פאסירט אלע פיער יאהר; א פיער=יעה=ריגער יובילעאום.

quadren'nially *adv.* (קהוואד־רענ׳־אי־על־אי) איין מאל אין פיער יאהר, פיער=יעהרליך.

quadren'niate *n.* (קהוואד־רענ׳־אי־אייט) ז. *quadrennium*.

quadren'nium *n.* (קהוואד־רענ׳־אי־אם) א פעריאדע פון פיער יאהר.

quadriartic'ulate *a.* (קהוואד־רי־אר־טיק׳־יו־לייט) וואס האט פיער געלענקען.

quadricap'sular *a.* (קהוואד־רי־קעפ׳־סיו־לאר) אין באטאניק — וואס האט פיער זאמען=ביימעלעך.

quadricenten'nial *a. and n.* (קהוואד־רי־כענ־טענ׳־אי־על) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א פעריאדע פון פיער הונדערט יאהר; א פיער=הונדערט=יעהריגער יובילעאום.

quadricin'ium *n.* (קהוואד־רי־סינ׳־אי־אם) אין מוזיק — א קאמפאזיציאן פאר פיער שטימען.

quad'ricorn *a. and n.* (קהוואד׳־רי־קאהרן) וואס האט פיער הערנער; א חיה מיט פיער הערנער.

quadrien'nial *a.* (קהוואד־רי־ענ׳־אי־על) פיער=יעהריג, פיער=יעהרליך, וואס פאסירט אלע פיער יאהר.

quadrien'nium *n.* (קהוואד־רי־ענ׳־אי־אם) ז. *quadrennium*.

quadrifa'rious *a.* (קהוואד־רי־פיי׳־רי־אס) אויסגעלעגט אין פיער ציילען אדער שורות.

quadrifa'riously *adv.* (קהוואד־רי־פיי׳־רי־אס־לי) אזוי, עס זאל זיין אויס=געלעגט אין פיער ציילען.

quad'rifid *a.* (קהוואד׳־רי־פיד) טיעף איינגעשניטען אין פיער טיילען; פיער=שפאלטיג.

quadrifo'liate *a.* (קהוואד־רי־פאו׳־לי־אייט) פיער=בלעטעריג, מיט פיער בלעטער [וועגען פלאנצען].

quad'riform *a.* (קהוואד׳־רי־פארם) וואס האט א פיער=פאכיגע געשטאלט אדער אויסזעהן.

quad'rifrons *a.* (קהוואד׳־רי־פראנז) וואס האט פיער צורות אדער געזיכטער.

quadrifur'cate *a.* (קהוואד־רי־פויר׳־קייט) וואס האט פיער צווייגען, פיער גאפלען אדער איינטיילונגען [וועגען פלאנצען].

quadri'ga *n.* (קהוואד־ראי׳־גא) א פאר=ציטיגער רייט=וואגען אויף צוויי רעדער, מיט א געשפאן פון פיער פערד.

quadrigena'rious *a.* (קהוואד־רי־דזשי־ניי׳־רי־אס) וואס בעשטעהט פון פיער הונדערט.

quadriglan'dular *a.* (קהוואד־רי־גלענ׳־דיו־לאר) פיער=דריזיג, וואס האט פיער דריזען.

quadriju'gate *a.* (קהוואד־רי־דזשוה׳־גייט) פיערפאך געפארט [ווי פלאנצען וואס האבען צו פיער פאר בלעטלעך].

quadriju'gous *a.* (קהוואד־רי־דזשוה׳־גאס) ז. *quadrijugate*.

quadrilat'eral *a. and n.* (קהוואד־רי־לעט׳־ע־רעל) פיער=זייטיג; צוזאמענגעשטעלט פון פיער ליניען; א פיגור וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פיער גלייכע ליניען; אין פעסטונגס=ווערק — א פלאץ ארומגערינגעלט אדער בע=שיצט פון פיער פעסטונגען.


Quadrilateral

quadrilit'eral *a. and n.* (קהוואד־רי־ליט׳־ע־רעל) וואס בעשטעהט פון פיער בוכשטאבען; א ווארט וואס בעשטעהט פון פיער בוכשטאבען.

quadrille' *n., v. and a.* (קהווא־דריל׳) א קאדריל [א מין טאנץ פון פיער פער=זאן אדער פיער פאר]; די מוזיק צו אזא טאנץ; א מין קארטען=שפיעל פון פיער=פערזאנען מיט פיערציג קארטען; טאנצען א קאדריל; צוטיילט אין קוואדראטען [וועגען מוסטערען אויף שטאפען אדער פאפיער].

quadril'lion *n.* (קהוואד־ריל׳־יאן) א קוואדריליאן, א מיליאן ביליאנען [א צאהל וואס בעשטעהט פון אן 1 מיט 15 נולען].

quadrilo'bate *a.* (קהוואד־רי־לאו׳־בייט) מיט פיער לאפען אדער אבגערונ=דעטע טיילען [וועגען פלאנצען].

quad'rilobed *a.* (קהוואד׳־רי־לאובד) ז. *quadrilobate*.

quadriloc'ular *a.* (קהוואד־רי־לאק׳־יו־לאר) וואס האט פיער קעמערלעך אדער חלולים [ווי דאס הארץ פון זויג=טהיערע אדער ווי דער געבוי פון געוויסע בלו=מען].

quadriloc'ulate *a.* (קהוואד־רי־לאק׳־יו־לייט) ז. *quadrilocular*.

quadrino'mial *a. and n.* (קהוואד־רי־נאו׳־מי־על) פיער=טייליג, פיער=גליע=דערדיג [וועגען אן אלגעבראאישען אויס=דרוק וואס בעשטעהט פון פיער צאהל=גליעדער]; אן אלגעבראאישע צאהל אדער אויסדרוק פון פיער גליעדער.

quadrinom'ical *a.* (קהוואד־רי־נאמ׳־אי־קעל) ז. *quadrinomial*.

quadrip'ara *n.* (קהוואד־ריפ׳־ע־רא) א פרוי וואס שוואנגערט דאס פיערטע מאל.

quadrip'arous *a.* (קהוואד־ריפ׳־ע־ראס) וואס לעגט פיער אייער [וועגען פויגלען].

quadripar'tite *a. and n.* (קהוואד־רי־פאר׳־טאיט) איינגעטיילט אין פיער טיי=לען; א בוך איינגעטיילט אין פיער טיי=לען.

quadripar'titely *adv.* (קהוואד־רי־פאר׳־טאיט־לי) אין פיער חלקים, איינגע=טיילט אין פיער טיילען.

quadriparti'tion *n.* (קהוואד־רי־פאר־טיש׳־אן) א פאנאנדערטיילונג אין פיער חלקים.

quadripen'nate *a. and n.* (קהוואד־רי־פענ׳־אייט) וואס האט פיער פליגלען [וועגען געוויסע אינזעקטען]; אן אינ=זעקט מיט פיער פליגלען.

quadriphyl'lous *a.* (קהוואד־רי־פיל׳־אס) פיער=בלעטעריג, וואס האט פיער בלע=טער [וועגען פלאנצען].

quadrip'licate *a. and n.* (קהוואד־ריפ׳־לי־קייט) פיערפאכיג; איינער פון פיער זאכען וואס זיינען עהנליך איינע צו דער צווייטער.

quadrira'diate *a.* (קהוואד־רי־ריי׳־די־אייט) וואס האט פיער שטראהלען אדער שפיצען [ווי די געוויסע שטערן=פיש].

quad'rireme *n.* (קהוואד׳־רי־רים) קוואדרירעם [א מין אלט=רוימישע און אלט=גריכישע שיף מיט פיער פאר רו=דערם].

quadrisec'tion *n.* (קהוואד־רי־סעק׳־שאן) א טיילונג אין פיער חלקים.

quadrisyllab'ic *a.* (קהוואד־רי־סי־לעב׳־איק) וואס בעשטעהט פון פיער זיל=בען.

quadrisyllab'ical *a.* (קהוואד־רי־סי־לעב׳־אי־קעל) ז. *quadrisyllabic*.

quadrisyl'lable *n.* (קהוואד־רי־סיל׳־עבל) א פיער=זילביגעס ווארט.

quad'rivalve *n. and a.* (קהוואד׳־רי־וועלוו) איינער פון די פיער פליגלען, וואס בילדען אויס א טויער אדער טהיר; אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס האט פיער דעקלעך אדער קלאפאנעס.

quadrival'vular *a.* (קהוואד־רי־וועל׳־וויו־לאר) אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס האט פיער דעקלעך אדער קלאפאנעס.

quadriv'ial *a. and n.* (קהוואד־ריוו׳־אי־על) וואס האט פיער וועגען וועלכע טרעפען זיך ביי איין פונקט; וואס פיהרט אין פיער ריכטונגען; וואס איז שייך צום

קוואדריוויאום; איינער פון די פיער טייַלען פון דעם קוואדריוויאום. ז. *quadrivium*

quadriv'ious *a.* (קהוואד-ריוו'-אי-אַס) וואס געהט אין פיער ריכטונגען.

quadriv'ium *n.* (קהוואד-ריוו'-אי-אַם) דער קוואדריוויאום, די פיער מאטעמאטישע וויסענשאפטען [אריטמעטיק, מוזיק, געאמעטריע און אסטראנאמיע], וועלכע מען פלעגט לערנען אין די מיטעלאלטערליכע שולען. דער "קוואדריוויאום" צוזאַמען מיט'ן "טריוויאום" [גראמאטיק, לאָגיק און רעטאריק] האבען צוזאמענגעשטעלט די "זיעבען חכמות", וועלכע מען פלעגט שטודירען אין יענער צייט.

quadroon' *n.* (קהוואד-רוהן') א קינד פון א מולאט אדער מולאטקע, וועלכע האט געהייראט מיט א ווייסען מענשען.

quad'ruman *n.* (קהוואד'-רו-מען) ז. *quadrumane*

Quadru'mana *n.* (קהוואד-רוה'-מע-נא) די קוואדרומאנען, דער מין פיער־הענטיגע חיות [אפען און לעמורען].

quad'rumane *n.* (קהוואד'-רו-מיין) א פיער־הענטיגע חיה [ווי אן אפע אדער לעמור].

quadru'manous *a.* (קהוואד-רוה'-מע-נאַס) פיער־הענטיג; וואס האט אלע פיער פיס וויא הענד [וועגען אפען און לעמורען].

quad'ruped *n. and a.* (קהוואד'-רו-פעד) א פיער־פיסיגע חיה; א פיער־פיסיגעס זויג־טהיער; וואס האט פיער פיס; פיער־פיסיג.

quad'rupedal *a.* (קהוואד'-רו-פעד-על) פיער־פיסיג; וואס איז שייך צו א פיער־פיסיגען זויג־טהיער.

quad'ruple *a., n. and v.* (קהוואד'-רופל) פיערפאך; א פיערפאכע צאהל; פערפיערפאכען, פערמעהרען פיער מאל אזוי פיעל; זיך פערפיערפאכען, זיך פערמעהרען פיער מאל אזוי פיעל.

quad'ruplet *n.* (קהוואד'-רו-פלעט) א קאמבינאציאן אדער פעראייניגונג פון פיער זאכען; איינס פון פיער קינדער וואס זיינען געבארען געווארען מיט איין מאל.

quad'ruplex *a., n. and v.* (קהוואד'-רו-פלעקס) פיערפאכיג [וועגען א טעלעגראפישען אפאראט וואס קען איבערגעבען מיט איין מאל פיער טעלעגראמען]; א פיערפאכיגער טעלעגראפישער אפאראט; פערפיערפאכען, איבערגעבען פיער טעלעגראמען מיט איין מאל.

quadru'plicate *v., a. and n.* (קהוואד-רוה'-פלי-קייט) פערפיערפאכען, פערמעהרען פיער מאל אזוי פיעל; פיערפאכיג; איינע פון פיער זאכען וואס זיינען זעהר עהנליך איינע צו דער אנדערער.

quadruplica'tion *n.* (קהוואד-רוה-פלי-קיי'-שאַן) די פערפיערפאכונג, די פערמעהרונג פיער מאל אזוי פיעל.

quadruplic'ity *n.* (קהוואד-רו-פליס'-אי-טי) פיערפאכיגקייט.

quad'ruply *adv.* (קהוואד'-רו-פלי) ביז א פיערפאכען גראד.

quæ're *n.* (קהווי'-רי) ז. *query*

quæsi'tum *n.* (קהווי-סאי'-טאַם) עט־וואס וואס ווערט געזוכט אדער געפאדערט.

quæs'ta *n.* (קהוועס'-טא) א פאפסטליכע זינד־פערגעבונג אלס בעלוינונג פאר א נדבה פאר דער קירך.

quæs'tor *n.* (קהוועס'-טאר) ז. *questor*

quaff *v. and n.* (קהוועף) שלוקען, טרינקען פיעל, זויפען, זופען; דאס זויפען, דאס טרינקען פיעל, דאס שכור'ען; א טרונק משקה, א כוסה.

quaff'er *n.* (קהוועפ'-ער) א זויפער, א טרינקער.

quaff the bit'ter cup (קהוועף טהי ביט'-ער קאַפ) שלינגען ביטערע פילען [קענען פיעל ליידען].

quag *n.* (קהוועג) א זומפ, א בלאטע.

quag'ga *n.* (קהוועג'-א) די קוואגא [א מין אפריקאנישעס זויג־טהיער פון דער פערד־פאמיליע וואס איז עהנליך צו א זעברא. ז. *zebra*].

Quagga

quag'gy *a.* (קהוועג'-אי) ווייך, זומפיג, בלאטיג.

quag'mire *n. and v.* (קהוועג'-מאיר) א זומפ, א בלאטע; א זומפיגער ארט; זינקען אין א זומפ.

quahaug' *n.* (קהווע-האהג') די רונדע ווענוס־מושעל וועלכע ווערט געפאנגען ביי די ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן אין נארד־אמעריקא.

quahog' *n.* (קהווע-האג') ז. *quahaug*

quail *n. and v.* (קהווייל) א וואכטעל [אזא פויגעל]; פערלירען דעם מוטה; זיך אבשרעקען; בעקומען מורא; אונטערדריקען, בעצווינגען; איינשרעקען; פערדיכטעט ווערען, פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך [וועגען מילך].

Quail

quail'-call *n.* (קהווייל'-קאהל) ז. *quail-pipe*

quail'-dove *n.* (קהווייל'-דאוו) די וואכטעל־טויב [אזא אמעריקאנער טויב].

quail'-pipe *n.* (קהווייל'-פאיפ) א וואכטעל־פייפעל [א פייפעל צו פערנארען וואכטלען אין נעץ].

quaint *a.* (קהווינט) וואונדערליך, זעלטזאם, זאנדערבאר, אונגעוועהנליך; אלט־פרענקיש, אנטיקוואריש, זעלטען.

quaint'ly *adv.* (קהווינט'-לי) אויף א זאנדערבארער אדער זעלטזאמער ארט; אויף אן אלטפרענקישען אופן.

quaint'ness *n.* (קהווינט'-נעס) זאנדערבארקייט, זעלטזאמקייט; אלט־פרענקישקייט.

quake *v. and n.* (קהווייק) שוואנקען; ציטערען; זיך טרייסלען; דאס ציטערען; דאס שוואנקען, דאס טרייסלען זיך.

qua'ker *n.* (קהוויי'-קער) איינער וואס ציטערט אדער טרייסעלט זיך; א פאלשער הארמאט [געמאכט פון האלץ אויף אבצושרעקען דעם פיינד].

Qua'ker *n.* (קהוויי'-קער) א קווייקער [איינער פון אן ענגלישער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע איז געוועזן געגען מלחמה און פריסטערטום און האט געפרעדיגט איינפאכקייט אין אלעם].

qua'ker-bird *n.* (קהוויי'-קער-בוירד) א מין אלבאטראס [אזא פויגעל]. ז. *albatross*

Qua'ker Cit'y (קהוויי'-קער סיט'-אי) די קווייקער־שטאדט [די שטאדט פילאדעלפיא אין די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

Qua'ker-col'or *n.* (קהוויי'-קער-קאל'-אר) אליוו־גרוי [א פארב וואס די קווייקערס האבען זעהר פיעל געטראגען].

Qua'keress *n.* (קהוויי'-קער-עס) א קווייקערין. ז. *Quaker*

Qua'ker gun (קהוויי'-קער גאַן) א פאלשער הארמאט [געמאכט פון האלץ, אום אבצושרעקען דעם פיינד].

Qua'kerish *a.* (קהוויי'-קער-איש) קווייקערמעסיג, ווי א קווייקער. ז. *Quaker*

Qua'kerism *n.* (קהוויי'-קער-איזם) קווייקעריזם, די רעליגיעזע מנהגים און די לעהרען פון די קווייקערס. ז. *Quaker*

Qua'kerly *a. and adv.* (קהוויי'-קער-לי) ווי א קווייקער; מעשה קווייקער. ז. *Quaker*

qua'kiness *n.* (קהוויי'-קי-נעס) ציטערדיגקייט, שוואנקעדיגקייט, שאקעלדיגקייט, טרייסעלדיגקייט.

qua'king *n.* (קהוויי'-קינג) ציטערנים, מורא.

qua'king-grass *n.* (קהוויי'-קינג-גרעס) דאס ציטער־גראז.

qua'kingly *adv.* (קהוויי'-קינג-לי) ציטערענדיג, זיך טרייסלענדיג.

qua'ky *a.* (קהוויי'-קי) ציטערדיג, שאקעלדיג, טרייסעלדיג.

qual'ifiable *a.* (קהוואל'-אי-פאי-עבל) וואס קען געמאכט ווערען פעהיג אדער טויגליך צו עפעס; וואס קען צוגעפאסט ווערען; וואס מען קען צוגעבען אייגענשאפטען. ז. *qualify*

qualifica'tion *n.* (קהוואל-אי-פי-קיי'-שאַן) א קוואליפיקאציאן; אן אייגענשאפט; אן ערפארדערליכע אייגענשאפט אדער פעהיגקייט; צופאסיגקייט; דאס מאכען פעהיג, די בעפעהיגונג; רעכטס־פעהיגקייט; די צוגעבונג פון א בעצייכנונג אדער אייגענשאפט; א געוויסע בעדינגונג אדער בעשטימונג, אן איינשרענקונג, א בעשרענקונג; א מעסיגונג.

qual'ificative *a. and n.* (קהוואל'-אי-פי-קיי-טיוו) קוואליפיצירענד, מאדיפיצירענד; מיט געוויסע בעדינגונגען אדער בעשטימונגען; עטוואס וואס קוואליפיצירט אדער מאדיפיצירט, עטוואס וואס בעשטימט גענויער אדער בעשרענקט.

qual'ificator *n.* (קהוואל'-אי-פי-קיי-טאר) א קוואליפיקאטאר [אין דער קאטוילישער קירך — א בעאמטער פון דעם קירכען־געריכט וואס האט די אויפגאבע צו אונטערזוכען די קלאגען און זיי פארצובערייטען פאר'ן געריכט].

qual'ified *a.* (קהוואל'-אי-פאיד) 1. קוואליפיצירט, רעכטס־פעהיג; וואס האט די ערפארדערליכע אייגענשאפטען; געאייגענט, פאסענד; 2. מיט געוויסע בעדינגונגען אדער בעשטימונגען; מיט בעשרענקונגען; 3. וואס האט די מעגליכקייט אדער דאס רעכט צו האלטען צוויי קירכליכע עמטער.

2. The acceptance of his nomination was qualified by certain conditions.

qual'ifiedly *adv.* (קהוואל'-אי-פאיד-לי) קוואליפיצירט; מיט די ערפארדערליכע אייגענשאפטען; מיט קוואליפיקאציאנען אדער בעשרענקונגען.

qual'ifiedness *n.* (קהוואל'-אי-פאיד-נעס) דאס זיין געאייגענט אדער פאסענד; די בעפעהיגונג.

qual'ifier *n.* (קהוואל'-אי-פאי-ער) איי־

נער אדער עטוואס וואס קוואליפיצירט, מאדיפיצירט, בעשרענקט אדער מעסיגט; אין גראמאטיק — א ווארט וואס בעשטימט אדער מאדיפיצירט אן אנדער ווארט.

qual'ify *v.* (קהוואל'-אי-פאי) קוואליפיצירען; אויסדריקען אדער בעצייכענען די אייגענשאפטען [פון עפעס]; צוגעבען [עפעס אדער אימעצען] די נויטיגע אייגענשאפטען; מאכען געאייגענט אדער פאסענד [פאר עפעס]; מאכען געזעצליך פעהיג אדער געאייגענט [ווי צו ווערלען אדער געווערלט צו ווערען]; אין גראמאטיק — אויסדריקען אן אייגענשאפט, מאדיפיצירען, בעשרייבען, בעשטימען; בעשרענקען, בעגרענעצען; מעסיגען, מילדערען; מאדיפיצירען א געטראנק דורך א צוזאץ [שטארקער מאכען אדער צוגעבען א בייגעשמאק]; רעגולירען, קאנטראלירען; בעווייזען, בעשטעטיגען; נעהמען א שבועה צו ערפילען טריי די פליכטען איידער מען געהט אריין אין אמט; נעהמען די נויטיגע שריט זיך צו מאכען געאייגענט אנצונעהמען אן אמט אדער צו בעקומען א פריווילעגיע; קריגען די בערעכטיגונג [ווי דאס רעכט צו וועהלען, אנצונעהמען אן אמט א. ד. ג.]; שווערען וועגען דער ריכטיגקייט פון א פאקט.

qual'ifying *a.* (קהוואל'-אי-פאי-אינג) אין גראמאטיק — וואס בעצייכענט אן אייגענשאפט [וועגען ווערטער וואס בעצייכענען די אייגענשאפטען פון פערזאנען אדער זאכען]; וואס קוואליפיצירט אדער מאדיפיצירט; וואס מאכט פאסיג אדער געאייגענט. ז. *qualify*

qual'itative *a.* (קהוואל'-אי-טע-טיוו) קוואליטאטיוו, וואס בעצייכענט די קוואליטעט [די בעשאפענהייט, די אייגענשאפט].

qual'itative anal'ysis (קהוואל'-אי-טע-טיוו ע-נעל'-אי-סיס) אין כעמיע — די קוואליטאטיווע אנאליזע [די כעמישע בעשטימונג פון די בעשטאנד-טיילען פון א קערפער, ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט די קוואנטיטעט, ד. ה. די צאהל און מאס].

qual'itatively *adv.* (קהוואל'-אי-טע-טיוו-לי) לויט דער קוואליטעט, אין בעצוג צו דער קוואליטעט [אייגענשאפט, בעשאפענהייט].

qual'itied *a.* (קהוואל'-אי-טיד) מיט אייגענשאפטען [גוטע אדער שלעכטע]; בעגאבט.

qual'ity *n.* (קהוואל'-אי-טי) 1. קוואליטעט, בעשאפענהייט; 2. ראנג, גראד; שטאנד; אדעל; 3. בעשעפטיגונג, פראפעסיאן.

1. The silk is of a good **quality.** 2. His family is one of **quality.**

qual'ity-bin'ding *n.* (קהוואל'-אי-טי-באינ'-דינג) אזא באנד אדער שנורען ביי די ברעגען פון טעפיכען [קאוויארען].

qualm *n. and v.* (קהוואהם) א פלעצליכער אנפאל פון א קראנקהייט, אהנמאכט; ניט-גוטקייט, איבעלקייט; געוויסענסבּיסע; אונרוהיגקייט פון געוויסען; פערארורזאכען שמערצען, ניט-גוטקייט אדער איבעלקייט.

qual'mish *a.* (קהוואה'-מיש) וואס פיהלט איבעלקייט אדער ניט-גוטקייט, געניינט צום ברעכען; שלעכט געשטימט.

qual'mishly *adv.* (קהוואה'-מיש-לי) פיהלענדיג איבעלקייט אדער ניט-גוטקייט; קעהרענדיג צו ברעכען.

qual'mishness *n.* (קהוואה'-מיש-נעס) איבעלקייט, ניט-גוטקייט.

qualms of con'science (קהוואהמז אוו קאנ'-שענס) געוויסענסביסע.

qual'my *a.* (קהוואה'-מי) איבעלדיג; וואס פעראורזאכט איבעל אדער ניט-גוטקייט.

quam prox'ime (קהוועם פראק'-סי-מי) כמעט; אזוי נאהנט ווי מעגליך.

quan'dary *n. and v.* (קהוואנ'-דע-רי) א שווייריגע לאגע, א פערלעגענהייט, א שווייריגקייט; ברייגען אין א פערלעגענהייט; זיין אין א פערלעגענהייט אדער אין א שווייריגקייט.

The chess player was in a **quandary** when his next move came.

quant *n.* (קהוואנט) א שפרינג-שטאנג מיט א ברעטעל אדער מיט א דיקען שטיק האלץ ביים ענד וואס דערלאזט ניט אז ער זאל זיך אריינשטעקען אין דער ווייכער ערד; א שפאציער-שטאק.

quan'ta *n.* (קהוואנ'-טא) קוואנטומס. ז. *quantum*

quantifica'tion *n.* (קהוואנ-טי-פי-קיי'-שאן) דאס בעשטימען די קוואנטיטעט; דאס צוגעבען א קוואנטיטעט צו עפעס. ז. *quantity*

quan'tify *v.* (קהוואנ'-טי-פאי) בעשטימען אדער בעצייכנען די קוואנטיטעט. ז. *quantity*

quan'titative *a.* (קהוואנ'-טי-טע-טיוו) קוואנטיטאטיוו, בעציהענדיג זיך צו דער גרויס אדער צו דער מאס.

quan'titative anal'ysis (קהוואנ'-טי-טע-טיוו ע-נעל'-אי-סיס) אין כעמיע — די קוואנטיטאטיווע אנאליזע [די כעמישע בעשטימונג פון די עלעמענטען פון א קערפער לויט זייער גרויס, צאהל און מאס].

quan'titatively *adv.* (קהוואנ'-טי-טע-טיוו-לי) אין בעצוג צו קוואנטיטעט [גרויס און מאס].

quan'titativeness *n.* (קהוואנ'-טי-טע-טיוו-נעס) דאס זיין קוואנטיטאטיוו, בעציהונג צו קוואנטיטעט [גרויס און מאס].

quan'titive *a.* (קהוואנ'-טי-טיוו) ז. *quantitative*

quan'titively *adv.* (קהוואנ'-טי-טיוו-לי) ז. *quantitatively*

quan'tity *n.* (קהוואנ'-טי-טי) קוואנטיטעט, כמות, פיעלהייט, אלעס וואס קען אויסגעדריקט ווערען דורך א צאהל [ווי מאס, געוויכט, גרויס א. ז. וו.]; א גרויסע מאסע, א גרויסע צאהל; אין פאעזיע — דער מעטער, דאס זילבען-מאס, טאן-מאס, צייט-מאס.

quan'tity-cul'ture *n.* (קהוואנ'-טי-טי-קאל'-טשור) אין באקטעריאלאגיע — דאס האדעווען און ענטוויקלען אין א געוויסער אומגעבונג א גרויסע צאהל באקטעריען אדער באצילען.

quan'tity of mo'tion (קהוואנ'-טי-טי אוו מאו'-שאן) אין מעכאניק — דאס מאמענט, די סומע פון דער ווירקזאמקייט פון א קראפט ארויסצורופען א בעוועגונג.

quantiv'alence *n.* (קהוואנ-טיוו'-ע-לענס) אין כעמיע — די ווערטיגקייט [דאס ווערטה אדער די פערבינדונגס-קראפט פון אן אטאם אין פערגלייך מיט אן אנדער אטאם וואסער-שטאף וועלכער ווערט גענומען אלס אן איינהייטס-מאס]. ז. *valence*

quantiv'alency *n.* (קהוואנ-טיוו'-ע-לענ-סי) ז. *quantivalence*

quantiv'alent *a.* (קהוואנ-טיוו'-ע-לענט) וואס איז כעמיש עקוויוואלענט; וואס האט דיזעלביגע כעמישע פערבינדונגס-קראפט.

quan'tum *n.* (קהוואנ'-טאם) דאס קוואנטום, די סומע, דער סך הכל; עטוואס וואס האט א קוואנטיטעט; א בעשטימטע קוואנטיטעט, א בעשטימטע אדער פאסיגע מאס אדער צאהל.

quaquaver'sal *a.* (קהווא-קהווא-וואיר'-סעל) אין געאלאגיע — וואס נייגט זיך אין אלע ריכטונגען פון א מיטעלפונקט.

quar'antinable *a.* (קהוואר'-ען-טין-עבל) וואס דארף אבגעזונדערט ווערען אדער געהאלטען ווערען אין קאראנטין. ז. *quarantine*

quar'antine *n. and v.* (קהוואר'-ען-טין) קאראנטין, דער פערבאט אויף א געוויסער צייט צו האבען א וועלכען ניט איז אויפטראג אדער פערבינדונג מיט פערזאנען, שיפען אדער סחורות, וואס זיינען געקומען פון א פלאץ, וואו עס הערשט אן אנשטעקיגע קראנקהייט, ווי כאלערא, טיפוס א. ד. ג.; דער פלאץ וואס איז בעשטימט פאר די פערהאלטענע פערזאנען, שיפען אדער סחורות; אן ארויפגעצוואונגענע אבזונדערונג פון מענשען אדער פלעצער מיט אן אנשטעקיגער קראנקהייט; יעדע ארויפגעצוואונגענע איזאלאציאן אדער אבזונדערונג; א פעריאדע פון 40 טעג; אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — א פעריאדע פון 40 טעג נאך איינעמס טויט, אין וועלכער די אלמנה קען וואהנען אין איהר מאן'ס הויז, ווארטענדיג ביז איהר ירושה וועט בעשטימט ווערען; האלטען אין קאראנטין; איזאלירען; אבזונדערען.

quar'antine flag (קהוואר'-ען-טין פלעג) א קאראנטין-פלאג [א געלבער פלאג וואס ווערט ארויפגעהאנגען אויף א שיף אנצוצייגען, אז זי איז פערהאלטען געווארען אין קאראנטין אדער אז אויף איהר געפינען זיך אנשטעקענדע קראנקע]. ז. *quarantine*

quar'antine of observa'tion (קהוואר'-ען-טין אוו אב-זויר-וויי'-שאן) א צייט פון 3 אדער 6 טעג, אויף וועלכער יעדע שיף קען פערהאלטען ווערען אין פארט, אום צו זעהן צי זי איז פאלשטענדיג ריין פון אנשטעקיגע קראנקהייטען.

quarl *n.* (קהווארל) א זשעלע-פיש. ז. *jellyfish*

quar'rel *n. and v.* (קהוואר'-על) א קריעג, א צאנק, א שטרייט; די אורזאכע וואס רופט ארויס א קריעג אדער שטרייט; א בעשולדיגונג, אן אנקלאגע; א שנאה; מאדלען; זיך קריעגען, זיך צאנקען, שטרייטען; א פיער-עקיגער ציעגעל, ברעטעל אדער שויב פון א פענסטער; א פייל וואס פערענדיגט זיך מיט א פיער-קאנטיגען שפיץ; דער דימענט, מיט וועלכען א גלעזער שניידט דאס גלאז; א מויערער-דלאט.

quar'reller *n.* (קהוואר'-על-ער) א צאנקער, אן ארומקריעגער.

quar'rel-pick'er *n.* (קהוואר'-על-פיק'-ער) איינער וואס זוכט קריעג; א גלעזער.

quar'relsome *a.* (קהוואר'-על-סאם) קריעגעריש, צאנקזיכטיג, שטרייטזיכטיג.

quar'relsomely *adv.* (קהוואר'-על-סאם-לי) זוכענדיג קריעג; דורך צאנקעריי.

quar'relsomeness *n.* (קהוואר'-על-סאם-נעס) צאנקזוכט, שטרייטזוכט, די נאטור צו קריעגען זיך.

quar'ried *a.* (קהוואר'-איד) אויסגעלעגט מיט פיער-עקיגע ברעטלעך אדער פלאטען.

quar'rier *n.* (קהוואר'-אי-ער) א שטיין-האקער אין א שטיין-גרוב [דאס ארט וואו מען האקט אויס שטיינער].

quar'ry *n. and v.* (קהוואר'-אי) דער שטיין-ברוך [אן ארט וואו מען האקט אויס אדער מען רייסט אויף שטיינער];

א פיער=עקיגע פלאטע אדער שויב; א פייל מיט א פיער=קאנטיגען שפיץ; געיעג־רויב; דאס טהיער, נאך וועלכען מען געהט אויף געיעג; · ברעכען שטיינער אין א שטיין=ברוך; רויבען, כאפען רויב.

quar'ry-faced *a.* (קהוואר'-אי-פייסט) וואס איז געמויערט ווי פון ערשט אויסגעהאקטע ניט פאלירטע שטיינער.



Quarry-faced Masonry

quar'rying-machine' *n.* (קהוואר'-אי-אינג-מע-שין') א פעלזען=בויערער, א מאשין אויסצובויערען א לאך אין א פעלזען.

quar'ryman *n.* (קהוואר'-אי-מען) א שטיין=ברעכער, אן ארבייטער אין א שטיין=ברוך.

quar'ry-slave *n.* (קהוואר'-אי-סלייוו) א שקלאף וואס איז געצוואונגען צו ארבייטען אין א שטיין=ברוך.

quart *n.* (קהוואהרט) א קווארט, א פיערטעל [פון א גאלאן]; אין מוזיק — א פיערטעל טאן.

quart *n.* (קארט) אין קארטען=שפיעל — א גאנג פון פיער קארטען פון איין מאסט.

quar'tan *n. and a.* (קהוואהר'-טען) דאס פיער=טעגיגע פיעבער, קדחת רביעית; א פיעבער וואס דער אנפאל קומט פאר יעדען פיערטען טאג; וואס פאסירט אדער טרעפט זיך יעדען פיערטען טאג.

quarta'tion *n.* (קהוואהר-טיי'-שאן) אין מעטאלורגיע — קווארטאציאן, דאס אבטיילען גאלד פון זילבער אין א צוזאמענשמעלצונג.

quar'ter *n. and v.* (קהוואהר'-טער) א פיערטעל; א פיערטעל פון א הונדערטוואג [25 פונט]; אין ענגלאנד — א פיערטעל פון א טאן [500 פונט]; א פיערטעל שטונדע [15 מינוט]; א פיערטעל יאהר [3 חדשים]; א זמן; א פיערטעל פון א פיער=פיסיגער חיה; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א "קוואדער", א פיערטעל דאלאר [25 סענט]; איינע פון די פיער פאזען פון דער לבנה; איינער פון די פיער פונקטען פון א קאמפאס אדער פון האריזאנט; אן ארט, א געגענד; א בעשטימטער פלאץ; א לאגער; א קווארטיר; א צייטווייליגער אויפהאלטונגס=פלאץ; א קווארטאל, א שטאדט=פיערטעל; אויף א שיף — דער קווארטער=דעק [דער טייל פון אויבערשטען דעק צווישען דער מיטעלער און הינטערשטער מאסט]; גנאדע; ערבארמונג; טיילען אויף פיער; פיערטלען; פאנאנדערטיילען, צורייסען; איינקווארטירען, אריינשטעלען [סאלדאטען]; איינשטעהן קווארטיר; זיין איינגעקווארטירט.

quar'terage *n.* (קהוואהר'-טער-עדזש) א פיערטעל=יעהריגעס געהאלט; דאס שטעהן קווארטיר; דאס איינקווארטירען [סאלדאטען].

quar'ter-back *n.* (קהוואהר'-טער-בעק) א געוויסער שפיעלער אדער א געוויסע פאזיציאן אין פוס=באל=שפיעל.

quar'ter-bill *n.* (קהוואהר'-טער-ביל) אויף א קריעגס=שיף — א צעטעל, אין וועלכען עס ווערט בעשטימט, וואו יעדער סאלדאט דארף שטעהן און וואס ער האט צו טהאן אין דער צייט פון שלאכט.

quar'ter bin'ding (קהוואהר'-טער באינ'-דינג) אין בוכבינדעריי — א ביליגער לעדערנער אדער לייוועגטענער רוקען פון א בוך [די ברעגעס פון דיזען רוקען ווערען ארומגעשניטען גלאט מיט די בלעטער פון בוך].

quar'ter-boot *n.* (קהוואהר'-טער-בוהט) א לעדערנער שוך צו בעשיצען דעם פאדערשטען פוס פון א פערד, ווען ער ווערט אבגעקלאפט פון דעם הינטערשטען פוס.

quar'ter-day *n.* (קהוואהר'-טער-דיי) אין ענגלאנד — דער טאג, מיט וועלכען עס הויבט זיך אן יעדעס פיערטעל יאהר [דעם 25טען מערץ, 24טען יוני, 29טען סעפטעמבער און 25טען דעצעמבער].

quar'ter-deck *n.* (קהוואהר'-טער-דעק) דער קווארטער=דעק [דער טייל פון דעם אויבערשטען דעק פון א קריעגס=שיף צווישען דעם הויפט=מאסט און דעם הינטערשטען מאסט. אויף דיזען דעק קענען ארומגעהען נור די אפיציערען].

quar'tered *a.* (קהוואהר'-טערד) צוטיילט אין פיערטעלען; גרופירט אין פיער טיילען; געמאכט פון א קלאץ, וועלכער איז פאנאנדערגעשפאלטען אדער פאנאנדערגעזעגט אין פיער פיערטלען; איינגעקווארטירט; איינשטעהענד קווארטיר.

quar'ter-face *n.* (קהוואהר'-טער-פיים) דאס אויסזעהן פון פנים, ווען דריי פיערטעל פון איהם איז אבגעקעהרט.

quar'ter-gal'lery *n.* (קהוואהר'-טער-געל'-ער-אי) אויף א גרויסער שיף — דער באלקאן פון דעם קווארטער=דעק [א טייל פון דעם אויבערשטען דעק צווישען דעם מיטעלסטען און הינטערשטען מאסט].

quar'ter-guard *n.* (קהוואהר'-טער-גארד) אין מיליטער — א קליינע וואך ביי יעדען באטאליאן אין די לאגערען.

quar'tering *n.* (קהוואהר'-טער-אינג) דאס צוטיילען אין פיערען; דאס איינקווארטירען [סאלדאטען]; די איינקווארטירונג; א קווארטיר; אין ארכיטעקטור — א רייה פון דינע ווערטיקאל=שטעהענדע שטעקענס אדער סלופעס, וואס דיענט אלס א ווענטעל צווישען צוויי פלעצער.

quar'terly *a., n. and adv.* (קהוואהר'-טער-לי) וואס בעשטעהט פון פיער טיילען; וואס קומט פאר צום סוף פון יעדען פיערטעל יאהר [ווי דאס צאהלען דירה־געלד]; א פעריאדישע אויסגאבע, וואס געהט ארויס אלע פיערטעל יאהר; פיערטעלדיג, אין פיערטלען; איין מאל אין א פיערטעל יאהר.

quar'terman *n.* (קהוואהר'-טער-מען) אן אפיציער איבער א ראטע סאלדאטען אדער מאטראזען וואס ארבייטען אין קריעגס=האפען.

quar'termaster *n.* (קהוואהר'-טער-מעס-טער) א קווארטיר=מייסטער [א מיליטערישער בעאמטער, וועלכער האט צו זאגען אויף דיא נאהרונג און לאגער פון סאלדאטען]; א קווארטיר=מייסטער פון א שיף [א קליינער בעאמטער אויף א שיף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די סיגנאלען א. ד. ג.].

quar'termaster-gen'eral *n.* (קהוואהר'-טער-מעס-טער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל=קווארטיר=מייסטער פון דער ענגלישער אדער אמעריקאנישער ארמעע.

quar'termaster's depart'ment (קהוואהר'-טער-מעס-טערז די-פארט'-מענט) דער דעפארטאמענט אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכער בעזארגט די ארמעע מיט קאזארמעס, לאגערעס און פראוויאנט.

quar'tern *n.* (קהוואהר'-טערן) א פיערטעל פון א האלבער קווארט [אן אכטעל קווארט].

quar'tern-loaf *n.* (קהוואהר'-טערן-לאוף) א לעבעל ברויט וואס וועגט פיער פונט.

quar'ter-note *n.* (קהוואהר'-טער-נאוט) א פיערטעל=נאטע [אין מוזיק].

quarteroon' *n.* (קהוואהר-טע-רוהן') ז. *quadroon*.

quar'ter-pace *n.* (קהוואהר'-טער-פיים) א קליינע ווינקעל=פלאטפארמע אויף א טרעפ אין דעם ארט, וואו די טרעפ פערבויגען זיך.

quar'ter-parti'tion *n.* (קהוואהר'-טער-פאר-טיש'-אן) א ווענטעל פון ווערטיקאל=שטעהענדע שטעקענס אדער סלופעס. ז. *quartering*.

quar'ter-point *n.* (קהוואהר'-טער-פאינט) א פיערטעל פון א קאמפאס=שטריך [א פיערטעל פון דער דיסטאנץ צווישען צוויי פונקטען פון א קאמפאס, וואס דאס איז אונגעפעהר $2\frac{43}{60}$ גראד].

quar'ter-round *n.* (קהוואהר'-טער-ראונד) ז. *ovolo*.

quar'ters *n.* (קהוואהר'-טערז) קווארטיר; לאגער. ז. *quarter*.

quar'ter-sec'tion *n.* (קהוואהר'-טער-סעק'-שאן) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שטיק לאנד פון 160 אקער.

quar'ter-ses'sions *n.* (קהוואהר'-טער-סעש'-אנז) אן ענגלישעס געריכט וואס האלט דריי=מאנאטליכע אסיפות.

quar'ter-staff *n.* (קהוואהר'-טער-סטעף) א קורצעס דיקעס שטעקעל אדער א דיבינקע וואס פלעגט פארצייטען בענוצט ווערען אין ענגלאנד אלס וואפע.

quar'ter-wind *n.* (קהוואהר'-טער-ווינד) א ווינד אויף'ן ים וואס בלאזט אויף דעם אויבערשטען דעק פון א שיף צווישען דעם מיטעלען און הינטערשטען מאסט.

quartet' *n.* (קהוואהר-טעט') א קווארטעט; א מוזיקאליש שטיק, וואס ווערט געשפיעלט אדער געזונגען פון פיער פערזאנען; א סטאנזא, א פערז פון פיער ציילען.

quartette' *n.* (קהוואהר-טעט') ז. *quartet*.

quartet'to *n.* (קהוואהר-טעט'-או) ז. *quartet*.

quar'tile *n.* (קהוואהר'-טיל) אין אסטראלאגיע — די לאגע פון צוויי אדער עטליכע פלאנעטען, ווען זיי זיינען דערווייטערט איינע פון די אנדערע אויף 90 גראד.

quar'to *n. and a.* (קהוואהר'-טאו) קווארטא=פארמאט, פיערטעל=פארמאט [פון א בוך]; פון קווארטא=פארמאט.

Quartodec'iman *n. and a.* (קהוואהר-טא-דעס'-אי-מען) איינער פון א פארצייטיגער קריסטליכער סעקטע, וואס פלעגט פייערען פאסכא אין דער צייט פון אידישען פסח; וואס איז שייך צו דיזער סעקטע.

quartz *n.* (קהוואהרטס) קווארץ אדער גלאז=שטיין [א מינעראל וואס איז אין ריינעם צושטאנד דורכזיכטיג ווי גלאז. קווארץ איז דער וויכטיגסטער בעשטאנדטייל פון פעלזען].

quartz'-crush'er *n.* (קהוואהרטס'-

קראש'-ער) א מאשין צו פולווערייזירען [צורייבען אין פולווער] קווארץ.
ז. *quartz*

quartzif'erous *a.* (קהוואהרט-סיפ'-ע-ראס) וואס בעשטעהט פון קווארץ; וואס ענטהאלט קווארץ. ז. *quartz*

quartz'ite *n.* (קהוואהרטס'-איט) דער קווארציט, דער קווארץ־פעלז [א פעלז וואס בעשטעהט הויפּטזעכליך פון קווארץ].

quartzit'ic *a.* (קהוואהרטס-איט'-איק) וואס איז שייך צו קווארציט.
ז. *quartzite*

quartz'ose *a.* (קהוואהרטס'-אוס) וואס ענטהאלט קווארץ. ז. *quartz*

quartz'-rock *n.* (קהוואהרטס'-ראק) דער קווארץ־פעלז [א פעלז, וואס ענטהאלט אין זיך פיעל קווארץ].

quartz'y *a.* (קהוואהרטס'-אי) קווארציג, פון קווארץ; קווארץ־ארטיג, ווי קווארץ.
ז. *quartz*

quash *v.* (קהוואש) קוועטשען, צודריקען; צושמעטערען; אונטערדריקען; פערניכטען, מאכען צו גארנישט, בטל מאכען; זיך טרייסלען; ווערען געבויטשעט [ווי א פליסיגקייט].

quash'ey *n.* (קהוואש'-אי) ז. *pumpkin*

qua'si *c. and adv.* (קהוויי'-סאי) אזוי ווי; אין א געוויסען זינען; ביז א געוויסען גראד; פאסט, כמעט; כלומר'שט.
In some matters the mayor exercises a quasi-judicial function.

qua'si con'tract (קהוויי'-סאי קאנ'-טרעקט) א פערפליכטונג וואס ווערט ארויפגעלעגט פון געזעץ געגען איינעמס ווילען, כאטש עס איז ניט אבגעמאכט דורך א קאנטראקט [ווי למשל, די פערפליכטונג צו צאהלען א ווייב'ס חובות].

Quasimo'do *n.* (קהוועס-אי-מאו'-דאו)
ז. *Low Sunday*

quassa'tion *n.* (קהווע-סיי'-שאן) דאס טרייסלען, דאס ציטערען, דאס שאקלען.

Quas'sia *n.* (קהוועש'-יא) דער מין קוואסיא־בוימער [א מין קוסטעס אדער בוימלעך פון די הייסע לענדער פון אמעריקא מיט זעהר א ביטערען האלץ. זייער ביטערער ווארצעל ווערט אפט גענוצט אין מעדיצין].

Quassia

quas'sin *n.* (קהוועס'-אין) [דער ביטערער שטאף וואס ענטהאלט זיך אין א קוואסיא־בוים]. ז. *Quassia*

quas'site *n.* (קהוועס'-איט)
ז. *quassin*

qua'ter-cous'in *n.* (קיי'-טער-קאז'ן) א שוועסטערקינד פון פיערטען גליעד.

qua'tern *a.* (קהוויי'-טערן) וואס בעשטעהט פון פיער.

quater'nary *a. and n.* (קהווע-טויר'-נע-רי) פיעריג, וואס בעשטעהט פון פיער; א גרופּע פון פיער זאכען.

Quater'nary *n.* (קהווע-טויר'-נע-רי) אין געאלאגיע — די קוואטערנער־צייט, די עפּאכע אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער ערד צווישען דער טערטיער־צייט און אונזער צייט. די חיות און פלאנצען פון דער קוואטערנער צייט זיינען שוין עהנליך צו אונזערע, כאטש עס האבען נאך דעמאלט עקזיסטירט פיעל אויסגעשטארבענע מינים, ווי מאמאנטען, מאסטאדאנטען א. ד. ג.

quater'nate *a.* (קהווע-טויר'-נייט) וואס בעשטעהט פון פיער.

quater'nion *n. and v.* (קהווע-טויר'-ני-אן) פיער; א גאנג פון פיער; א ווארט פון פיער זילבען; צוטיילען צו פיער.

quater'nity *n.* (קהווע-טויר'-ני-טי) דאס זיין פיער אין צאהל; א גרופּע פון פיער.

quator'zain *n.* (קע-טאהר'-זיין) א פּאעמע פון פיערצעהן שורות.

quatorze' *n.* (קע-טאהרז') אין א געוויסען קארטען־שפּיעל — דאס האלטען אין האנד פיער טייז, פיער קעניגע א. ד. ג., ווייל אזעלכע פיער קארטען גיבען דעם שפּיעלער 14 אויגען.

quat'rain *n.* (קהוואט'-ריין) א פּאעטישער פערז פון פיער שורות, וואו די ערשטע שורה גראמט זיך מיט דער דריטער און די צווייטע מיט דער פיערטער.

quat'refoil *n.* (קעט'-ער-פאיל) דאס פיער־בלאט [א בלאט וואס בעשטעהט פון פיער בלעטלעך]; אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אין דער פארם פון א פיער־בלאט.



Quatrefoils

quattri'no *n.* (קהווא-טרי'-נא) אן איטאליענישע מטבע [האט דעם ווערטה פון א האלבען אמעריקאנער סענט].

quattrocen'tist *n.* (קהוואט-רא-טשענ'-טיסט) אן איטאליענישער קינסטלער פון 15טען יאהרהונדערט. ז. *quattrocento*

quattrocen'to *n. and a.* (קהוואט-רא-טשענ'-טא) דער 15טער יאהרהונדערט [אלס א בעזונדערע עפּאכע אין דער איטאליענישער קונסט און ליטעראטור]; וואס איז שייך צום 15טען יאהרהונדערט; פון דעם סטיל פון 15טען יאהרהונדערט.

quat'uor *n.* (קהוואט'-יו-אהר) אין מוזיק — א קווארטעט, א מוזיקאלישע שטיק, וואס ווערט געשפּיעלט מיט פיער אינסטרומענטען.

quaught *v.* (קהוואהכט) טרינקען, זויפען, שכור'ען.

qua'ver *v. and n.* (קהוויי'-ווער) ציטערען; רעדען מיט א ציטערענדער שטימע; טרילערען, זינגען מיט טרעלען; דאס ציטערען, דאס טרייסלען; א טרעל; אן אכטעל־נאטע [אין מוזיק].

qua'verer *n.* (קהוויי'-ווער-ער) איינער וואס טרילערט אדער טרעלט; א פויגעל וואס זינגט מיט טרעלען.

qua'veringly *adv.* (קהוויי'-ווער-אינג-לי) אין א ציטערענדער שטימע; דורך טרעלען.

qua'very *a.* (קהוויי'-ווער-אי) ציטערענד, טרייסלענד; שאקלענדיג.

quay *n. and v.* (קי) א געפלאסטערטער האפען פאר שיפען צום אנלאדען אדער אויסלאדען; בויען א לאדונגס־ארט פאר שיפען.

quay'age *n.* (קי'-עדזש) אבצאהל פאר בענוצען דעם לאדונגס־האפען; שטייערען פאר פערריכטען א לאדונגס־האפען.

queach *n.* (קהוויעטש) אן ארט, וואס איז בעוואקסען מיט געדיכטע שטעכיגע קוסטעס.

quea'chy *a.* (קהוויע'-טשי) וואס איז ווייך און זינקט אונטער די פיס, ווי א זומפּיגער ארט.

quean *n.* (קהוויען) א פרויענצימער; א נקבה; אן אויסגעלאסענע פרוי.

quea'sily *adv.* (קהוויע'-זי-לי) חלשות'דיג; מיט איבעל, מיט עקעל.

quea'siness *n.* (קהוויע'-זי-נעס) עקעל, עקעלהאפטיגקייט; איבעלקייט; חלשות, ניט־גוטקייט צום ברעכען.

quea'sy *a.* (קהוויע'-זי) וואס פיהלט איבעלקייט אדער ניט־גוטקייט; גענייגט צו ברעכען; איבערקלייבעריש; וואס איז שווער צופריעדענצושטעלען; דעליקאט, עדעל; וואס פאדערט א פארזיכטיגע און צארטע בעהאנדלונג.

queen *n. and v.* (קהוויען) די קעניגין, די הערשערין; די מלכה, די דאמע [אין קארטען־שפּיעל]; די קעניגין [אין שאך־שפּיעל]; די ביענען־קעניגין; שפּיעלען די ראלע פון א קעניגין; אין שאך־שפּיעל — מאכען א קעניגין פון א פּעשקע.

Queen Anne style (קהוויען ען סטאיל) דער סטיל פון ארכיטעקטור וואס האט געהערשט אין ענגלאנד אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט.

queen'-ap'ple *n.* (קהוויענ'-עפּ'ל) א ראנעט [א זארט זומער־עפּעל].

queen bee (קהוויען ביע) די ביענען־קעניגין.

queen clo'ser (קהוויען קלאו'-זער) ביי מויערער — א האלבער אדער פיערטעל ציעגעל, וועלכער פערענדיגט א שורה פון ציעגעל אין א געמויערטער וואנד.

queen con'sort (קהוויען קאנ'-סאהרט) די פרוי פון א קעניג [אין געגענזאץ צו א קעניגין, וועלכע הערשט אליין].

queen'craft *n.* (קהוויענ'-קרעפט) די רעגיערונג אדער די קונסט צו רעגיערען פון א קעניגין.

queen dow'ager (קהוויען דאו'-ע-דזשער) די אלמנה פון א קעניג.

queen'fish *n.* (קהוויענ'-פיש) א קליינער עסבארער פיש ארום די פאסיפישע ברעגען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.



Queenfish

queen'hood *n.* (קהוויענ'-הוד) די לאגע אדער די ווירדע פון א קעניגין.

quee'ning *n.* (קהוויע'-נינג) א געוויסער זארט עפּעל

queen it (קהוויען איט) הערשען, בעל־הבית'עווען; שפּיעלען די ראלע פון א בעל־הבית'טע.

queen'like *a.* (קהוויענ'-לאיק) ווי א קעניגין.

queen'liness *n.* (קהוויענ'-לי-נעס) דאס

זיין ווי א קעניגין; דאס בענעהמען זיך ווי א קעניגין.

queen'ly *a. and adv.* (קהוויענ'-לי) ווי א קעניגין; ווי עס פאסט פאר א קעניגין; מעשה קעניגין.

queen'-moth'er *n.* (קהוויענ'-מאטה'-ער) א קעניגין אן אלמנה, וועלכע איז די מוטער פון הערשענדען קעניג.

queen' - of - the - mead'ows *n.* (קהוויענ'-אוו-טהי-מעד'-אוז) די וויעזען=קעניגין [א הויך גראז מיט פעדערען=עהנליכע בלעטער און מיט קליינע געלב=ווייסע בליהונגען].

queen'-post *n.* (קהוויענ'-פאוסט) איינער פון די ווערטיקאל=שטעהענדע סלופעס, וועלכע האלטען אונטער די קראקוועס פון א דאך.



Queen-post Roof

queen'ship *n.* (קהוויענ'-שיפ) דער ראנג אדער ווירדע פון א קעניגין.

queen's'-met'al *n.* (קהוויענז'-מעט'-על) דאס ווייס=מעטאל [א לעגירונג אדער צוזאמענשמעלצונג פון עטליכע מעטאלען, וואו דער הויפט עלעמענט איז ציין].

queen'-stitch *n.* (קהוויענ'-סטיטש) אן ארט שפיצען אדער קרוזשעווע.

queen's'-ware *n.* (קהוויענז'-הוועהר) טעפער=וואארע אדער ווערזשוואוד פון העל=געלבען קאליר. ז. *Wedgwood ware*

queer *a., n. and v.* (קהוויער) זאנדערבאר, וואונדערליך, מאדנע; צודרעהט, משוגע'וואטע; פון א צווייפעלהאפטען כאראקטער, פערדעכטיג; ניט עכט, פאלש; פאלשעס געלד; לעכערליך מאכען, אבלאכען, אבשפאטען.

queer'er *n.* (קהוויער'-ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

queer'ly *adv.* (קהוויער'-לי) אויף א זאנדערבארער, מאדנער ארט.

queer'ness *n.* (קהוויער'-נעס) זאנדערבארקייט, וואונדערליכקייט, מאדנעקייט.

quell *v.* (קהוועל) אונטערדריקען, שטיל מאכען; איינשטילען; בערוהיגען.

quell'er *n.* (קהוועל'-ער) אן אונטערדריקער; א טויט=שלעגער.

quelque'chose *n.* (קעלק'-שאוז) א בי=סעלע, א קלייניגקייט; עטוואס.

quench *v.* (קהוועגטש) לעשען [א איינפייער אדער דעם דארשט]; שטילען [א לײדענשאפט]; ארײנלעגען אין וואסער [אן אבגעברענטע אייזען]; פערלאשען ווערען; אויסגעהן; קאלט צו עפעס; פערלירען דעם חשק.

quen'chable *a.* (קהוועג'-טשעבל) וואס קען איינגעלאשען אדער איינגעשטילט ווערען.

quen'cher *n.* (קהוועג'-טשער) דער אדער דאס וואס לעשט איין; אן איינשטילער.

quen'ching *n.* (קהוועג'-טשינג) דאס איינלעשען; דאס פערלאשען ווערען; אין מעטאל=גיסערייען — א מעטאדע צו מאכען אז צושמאלצענער מעטאל זאל זיך בעדעקען ווי מיט א הארטער קארע.

quench'less *a.* (קהוועגטש'-לעס) אונאויסלעשליך; אונלעשבאר, אונשטילבאר, וואס קען ניט געשטילט ווערען.

quench'lessly *adv.* (קהוועגטש'-לעס-לי) אויף אן אונלעשבארען שטייגער; ניט איינצושטילען.

quench'lessness *n.* (קהוועגטש'-לעס-נעס) דאס ניט קענען איינגעלאשען אדער איינגעשטילט ווערען.

quer'cine *a.* (קהוואיר'-סין) וואס איז שייך צו אייכען אדער אייכען=בוימער [דעמבעס].

quer'citron *n.* (קהוואיר'-סיט-ראן) דער שווארצער אייכען=בוים אדער דעמב [אן אמעריקאנער בוים]; די קארע פון אזא דעמב.

querciv'orous *a.* (קהוואיר-סיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך פון אן אייכען=בוים אדער דעמב [ווענען געוויסע אינזעקטען].

Quer'cus *n.* (קהוואיר'-קאס) דער מין אייכען=בוימער [דעמבעס].

Quercus

que'rent *n.* (קהווי'-רענט) אן אנקלאגער, איינער וואס קלאגט אן דעם אנדערען אין געריכט.

querimo'nious *a.* (קהווער-אי-מאו'-ני-אס) וואס בעקלאגט זיך; קלעגליך.

querimo'niously *adv.* (קהווער-אי-מאו'-ני-אס-לי) אויף אן אנקלאגענדען שטייגער; מיט אן אנקלאגע.

querimo'niousness *n.* (קהווער-אי-מאו'-ני-אס-נעס) דאס בעקלאגען זיך.

que'rist *n.* (קהווי'-ריסט) א פרעגער, אן אנפרעגער, אן אויספרעגער; א מקשן.

querk *v.* (קהוואירק) זיך שטיקען, זיך ווארגען.

querl *v. and n.* (קהוואירל) וויקלען, אנוויקלען, קייקלען, ארומדרעהען; א קנויל, א צונויפגעקייקעלטע זאך.

quern *n. and v.* (קהוואירן) א האנד=מיהלכעל [צו מאהלען פעפער א. ד. ג.]; א שטיין, אויף וועלכען מען פלעגט אמאל מאהלען קארן מיט דער האנד; מאהלען.

quern'-stone *n.* (קהוואירנ'-סטאון) א מיהל=שטיין.

quer'quedule *n.* (קהוואיר'-קהווי-דיול) א מין קאטשקע אדער ענטעל.

querula'tion *n.* (קהווער-או-ליי'-שאן) א קלאגע, אן אויסגעדריקטע אונצופריעדענהייט.

quer'ulous *a.* (קהווער'-או-לאס) קלעגליך, קלאגענד, יאמערענד.

quer'ulously *adv.* (קהווער'-או-לאס-לי) קלעגליך, יאמערענדיג, קלאגענדיג; אויף א קלאגענדען שטייגער.

quer'ulousness *n.* (קהווער'-או-לאס-נעס) קלעגליכקייט; א קלאגעדיגע נאטור.

que'ry *v. and n.* (קהווי'-רי) פרעגען; שטעלען פראגען; פארשען, אונטערזוכען; א פראגע; א גענויע אונטערזוכונג.

quest *n. and v.* (קהוועסט) דאס זוכען, אונטערזוכונג, נאכזוכונג; א גרופע פון אויסזוכער אדער נאכפארשער; אן אונטערזוכונג; א פערלאנג; א בקשה; א יורי, געריכטס=געשווארענע צו אונטערזוכען א געוויסע זאך; זוכען, נאכשפירען, אונטערזוכען; בעטען; בעטלען; אנהויבען בילען [ווענען א יאגד=הונד בעת ער דערשפירט דאס רויב].

ques'ter *n.* (קהוועס'-טער) א זוכער, א נאכפארשער, א נאכשפירער; א הונד וואס ווערט בענוצט אין נאכשפירען דאס רויב אויף דער יאגד.

quest'ful *a.* (קהוועסט'-פול) זוכענד, נאכשפירענד, נאכפארשענד.

ques'tion *n. and v.* (קהוועס'-טשאן) א פראגע; א קשיה; א צווייפעל, א ספק; אן אונטערזוכונג; אן אויפגאבע צו ענטשיידען; פרעגען; שטעלען פראגען; צווייפלען.

ques'tionable *a.* (קהוועס'-טשאן-עבל) אונגעוויס, צווייפעלהאפט.

The truth of the story is **questionable.**

ques'tionableness *n.* (קהוועס'-טשאן-עבל-נעס) צווייפעלהאפטיגקייט, אונגעוויסהייט.

ques'tionably *adv.* (קהוועס'-טשאן-ע-בלי) אויף אן אונגעוויסען, צווייפעלהאפטען שטייגער.

ques'tionary *a. and n.* (קהוועס'-טשאן-ע-רי) וואס שטעלט פראגען; וואס אונטערזוכט; איינער וואס רייזט ארום פון ארט צו ארט און פערקויפט קמיעות, לחשים און מחילה=צעטלען; א פראגע=ליסטע פאר סטאטיסטישע אונטערזוכונגען.

ques'tion-book *n.* (קהוועס'-טשאן-בוק) א לעהר=בוך פאר שילער, וואו עס זיינען געדרוקט נור פראגען און די שילער דארפען אויף זיי ענטפערען.

ques'tioner *n.* (קהוועס'-טשאן-ער) א פרעגער, אן אויספרעגער, אן אונטערזוכער.

ques'tioning *n.* (קהוועס'-טשאן-אינג) דאס נאכפארשען; אן אונטערזוכונג; צווייפעל; ספק; חשד.

rat'-hare *n.* (רעט׳־העהר) אזא גרי־ זשענד חיה'לע עהנליך צו א ראַץ פון די בערגיגע לענדער פון איירופּא און אזיען.



Rat-hare

rath'er *adv.* (רעטה׳־ער) פריהער, גיכער, ליעבער, בעסער, פיעל מעהר; עטוואס, צימליך, ניש־קשה'דיג.

rath'er than (רעטה׳־ער טהען) עטוואס מעהר איידער.

rat'-hole *n.* (רעט׳־האול) א לאך אין האלץ וואס איז אויסגעגריזשעט פון א ראַץ.

ratifica'tion *n.* (רעט־אי־פי־קיי׳־שאן) ראַטיפיקאַציאן, ראַטיפיצירונג, בעשטעטי־ גונג, דאס סאנקציאנירען אדער בעשטע־ טיגען א זאך וואס איז געטהאן געווארען פון אן אנדערען.

ratifica'tion mee'ting (רעט־אי־פי־ קיי׳־שאן מיע׳־טינג) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א ראַטיפיקאַ־ ציאנס־פערזאמלונג, א פּאליטישע פערזאמ־ לונג וואס ווערט צוזאמענגערופען, כדי אנ־ צונעהמען און בעשטעטיגען די קאנדידאַ־ טור פון איינעם, וועלכען די פּארטיי האט ארויסגעשטעלט.

rat'ifier *n.* (רעט׳־אי־פאַי־ער) א בע־ שטעטיגער, א בעקרעפטיגער, איינער וואס סאנקציאנירט א זאך וואס איז געטהאן געווארען פון אן אנדערען אדער אנדערע.

rat'ify *v.* (רעט׳־אי־פאַי) ראַטיפיצירען, בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען.

ra'ting *n.* (ריי׳־טינג) דאס אנזידלען, דאס אנשרייען; דאס אבשאַצען, דאס בע־ שטימען דעם פערהעלטניסמעסיגען ווערטה אדער רעכט פון עפּעס; דאס סארטירען אדער פאנאנדערטיילען לויט דעם גראד אדער ראנג.

ra'tio *n.* (ריי׳־שיאו) דאס פערהעלטניס, דער ערך, די פּראפּארציע.

ratioc'inant *a.* (רעש־אי־אס׳־אי־נענט) וואס ציהט לאגישע שליסע; וואס דענקט לאגיש.

ratioc'inate *v. and a.* (רעש־אי־אס׳־ אי־נייט) דענקען לאגיש; ציהען שלוס־ פאלגערונגען; וואס עס איז איבער דעם געדענקט געווארען.

ratiocina'tion *n.* (רעש־אי־אס־אי־ ניי׳־שאן) דאס לאגישע דענקען; א לאַ־ גישע שלוספאלגערונג, א פערנונפט־שלוס.

ratioc'inative *a.* (רעש־אי־אס׳־אי־נע־ טיוו) וואס בויט זיך אויף לאגישע שלוס־ פאלגערונגען; וואס איז געגרינדעט אויף די שליסע פון פערנונפט.

ra'tion *n. and v.* (ריי׳־שאן) א פּאר־ ציאן, א פּארציע [א בעשטימטע צאהל פּראוויזיע אדער לעבענס־מיטעל וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף א בעשטימ־ טער צייט]; ארויסגעבען א פּארציע.

rationabil'ity *n.* (רעש־אַנ־ע־ביל׳־אי־ טי) פערנינפטיגקייט, דאס האבען שכל [אלס אייגענשאפט, מיט וועלכער א מענש אונטערשיידט זיך פון א חיה].

ra'tionable *a.* (רעש׳־אַנ־עבל) לאגיש דענקענד; שכל'דיג.

ra'tional *a. and n.* (רעש׳־אַנ־על) פערנינפטיג, פערשטענדיג; שכל'דיג; קלוג; אין מאטעמאטיק — ראַציאָנאַל [וועגען א קוואַנטיטעט וואס קען זיך אויסדריקען אין א בעשטימטער צאהל]; אן אוניווערזאַליום, אן אלגעמיינהייט; אן אלגעמיינער בעגריף; א סובסטאַנץ, דער עיקר פון עפּעס; דער חשן, וואס דער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן הארצען; א גאלדענע אדער זילבערנע פּלאַטע, וועלכע א בישאף פלעגט טראגען בעת דער עבודה אין קירך.

rationa'le *n.* (רעש־אַ־ניי׳־לי) דער שכל פון א זאך, דאס וואס ערקלערט די עקזיס־ טענץ פון עפּעס; א טעארעטישע ערקלע־ רונג, א לאגישע שלוס־פאלגערונג; דער חשן וואס דער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן הארצען.

ra'tional hori'zon (רעש'-אַנ-על הא-ראַי'-זאַן) דער אַסטראָנאָמישער האָרי-זאָנט [די פלעכע וואָס איז פּאַראַלעל דעם ווירקליכען האָריזאָנט און שניידט דורך דעם צענטער פון דער ערד]; די גרענעץ פון ראַציאָנאַלער אָדער שכל'דיגער קענט-ניס.

ra'tional in'stinct (רעש'-אַנ-על אינ'-סטינקט) אַן איינגעבאָרענע אידעע; אַ גלויבען וואָס נעהמט זיך ניט פון ערפאַה-רונג.

ra'tionalism *n.* (רעש'-אַנ-על-איזם) ראַציאָנאַליזם, דאָס שטעלען העכער דעם שכל איידער אירגענד וועלכע אויטאָריטעט אין די פראַגען פון גלויבען און אויפפיה-רונג; דער ראַציאָנאַליזם [אין פילאָזאָ-פיע — די שטה, אַז דער ווירקליכער קוואַל פון קענטניס איז ניט די ערפאַהרונג דורך די חושים, נאָר די "ריינע פערנונפט", ד. ה. די אונמיטעלבאַרע דענקונגס-פעהיגקייט פון מענשען; אין טעאָלאָגיע — דאָס אָב-לייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאָגמען אַלץ וואָס עס לעגט זיך ניט אויף'ן שכל].

ra'tionalist *n.* (רעש'-אַנ-על-איסט) אַ ראַציאָנאַליסט, איינער וואָס רעכענט זיך מעהר מיט'ן שכל איידער מיט אַן אויטאָ-ריטעט אין די פראַגען פון גלויבען און אויפפיהרונג; אַן אָנהענגער פון פילאָזאָ-פישען אָדער טעאָלאָגישען ראַציאָנאַליזם.

rationalis'tic *a.* (רעש-אַנ-ע-ליס'-טיק) ראַציאָנאַליסטיש, שכל'דיג, פערנינפטיג; וואָס איז שייך צו ראַציאָנאַליזם. ז. ***rationalism***.

rationalis'tical *a.* (רעש-אַנ-ע-ליס'-טי-קעל) ז. ***rationalistic***.

rationalis'tically *adv.* (רעש-אַנ-ע-ליס'-טי-קעל-אי) אויף אַ ראַציאָנאַליסטי-שען שטייגער. ז. ***rationalistic***.

rational'ity *n.* (רעש-אַ-נעל'-אי-טי) ראַציאָנאַליטעט, דענקונגס-פעהיגקייט; פער-נינפטיגקייט, שכל'דיגקייט; דאָס וואָס לעגט זיך אויף'ן שכל.

rationaliza'tion *n.* (רעש-אַנ-על-אי-זיי'-שאַן) ראַציאָנאַליזירונג, דאָס מאַכען ראַציאָנעל אָדער דענקבאַר; אין אַלגעב-רא — דאָס פערוואַנדלען אין ראַציאָנעלע צאָהלען [דאָס בעפרייען אַן אַלגעבראַאי-שע גלייכונג פון די וואָרצעל-צייכענס. ז. ***radical sign***].

ra'tionalize *v.* (רעש'-אַנ-על-איז) ראַ-ציאָנאַליזירען, ערקלערען על פי שכל [ווי אין דער רעליגיאָן — ערקלערען די נסים און מופתים אויף דעם נאַטירליכען וועג]; געהן נאָך דעם אייגענעם שכל, ניט האַלטען פון קיינע דאָגמען.

ra'tionalizer *n.* (רעש'-אַנ-על-אי-זער) איינער וואָס געהט נאָך'ן אייגענעם שכל און גלויבט ניט אין קיינע דאָגמען; איי-נער וואָס האַלט מיט די ראַציאָנאַליסטען און זייערע מעטאָדען. ז. ***rationalist***.

ra'tional knowl'edge (רעש'-אַנ-על נאַל'-עדזש) די קענטניס וואָס נעהמט זיך פון שכל'דיגע חקירות און ניט פון ער-פאַהרונג.

ra'tionally *adv.* (רעש'-אַנ-על-אי) לויט דער פערנונפט; על פי שכל.

ra'tionalness *n.* (רעש'-אַנ-על-נעס) דאָס זיין ראַציאָנאַל, דאָס געהן נאָך'ן שכל.

ratoon' *n. and v.* (רע-טוהן') אַ נייע אַרויס-שפּראָצונג פון דעם וואָרצעל פון אַן אָבגעשניטענער פלאַנצע [ספּעציעל פון אַ צוקער-ראָהר]; די האַרץ-בלעטער פון אַ טאַבאַק-פלאַנצע; אַרויסלאָזען אַ נייע שפּראָצונג פון וואָרצעל נאָכדעם ווי די פלאַנצע איז אָבגעשניטען געוואָרען.

rats *int.* (רעטס) אַן אויסרוף פון פער-אַכטונג, סאַרקאַזם אָדער גלייכגילטיגקייט.

rats'bane *n. and v.* (רעטס'-ביין) מייז-סם; ראַצען-גיפט, ראַצען-פולווער; אַרזע-ניק; פער'סמ'ען מייז אָדער ראַצען מיט אַרזעניק.

rat'-tail *n. and a.* (רעט'-טייל) אַ מין קראַנקהייט ביי פערד פון וועלכער עס קריכט ביי זיי אויס די האָר פון עק; אַן אויסגעקראַכענער עק פון אַ פערד; וואָס האָט אַ ראַצען-עק [וועגען אַ פערד, ביי וועלכען דער עק איז אויסגעקראָכען].

rat'tail *n.* (רעט'-טייל) אַ פערד מיט אַן אויסגעקראָכענעם עק; איינע פון די מינים פלאַנצען, ביי וועלכע די בליהונגען האָבען דעם אויסזעהן פון אָראָבגעהאַנגענע עקע-לעך; אַ מין פיש מיט אַ שפּיציגען עק, וואָס לעבט זעהר טיף אין די וואַסערען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן.

rat'-tailed *a.* (רעט'-טיילד) ווי אַ מיי-זישער עקעל, וואָס האָט די פאָרם פון דעם עק פון אַ ראַץ; מיט אַן אויסגעקראָכענעם עק [וועגען אַ פערד].

rattan' *n. and v.* (רע-טען') ז. ***ratan***.

ratteen' *n.* (רע-טיען') ראַטין [אַ מין דיקע וואָלען-צייג].

rat'ten *v.* (רעטען) פערפּאַלגען אַן אונגע-ווינשטע פערזאָן דורך אַבטהאָן איהם פער-שיעדענע שפּיצלעך.

rat'ter *n.* (רעט'-ער) אַ ראַצען-פאַנגער [איבערהויפט וועגען הינד און קעץ]; אַ רענעגאַט, איינער וואָס געהט איבער אויף דעם שונא'ס זייט; אַ סקעב, אַ שטרייק-ברעכער.

rat'-ter'rier *n.* (רעט'-טער'-אי-ער) אַזאַ קליין הינטעל וואָס ווערט געלערענט צו פאַנגען ראַצען אָדער מייז.

rattinet' *n.* (רעט-אי-נעט') אַזאַ וואָלען-שטאָף וואָס איז דינער פון ראַטין. ז. ***ratteen***.

rat'ting *n.* (רעט'-אינג) דאָס דעזערטי-רען, דאָס איבערגעהן אויף'ן שונא'ס צד; דאָס זיין אַ סקעב אָדער שטרייק-ברעכער; אַ מין ספּאָרט, ביי וועלכען מען לאָזט אריין אַ הונד אין אַ שטייג וואו עס געפינען זיך ראַצען און מען זעהט וויפיעל ראַצען דער הונד איז פעהיג צו טויטען אין אַ געוויסער צייט.

rat'tish *a.* (רעט'-איש) ווי אַ ראַץ; וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַ ראַץ.

rat'tle *v. and n.* (רעטל) קלאַ-רוישען, פּילדערען; צומישען, צוטומלען; אויפרעגען; פּלאַפּלען, פּלוידערען; זיך בייזערען; אַנשרייען; טהאָן עפּעס מיט ליאַרם און טומעל; אַ קלאַפּעריי, אַ גע-פּילדער, אַ געטומעל; אַ קלאַפּער-געציייג, אַ גראַגער, אַ קלאַקאַטקע; אַ פּלאַפּלער, אַ פּלוידערער; דאָס אַנזידלען, דאָס אַנשריי-ען; אַ שרייער; דער האַהן-קאַם [אַ מין אייראָפּעאישעס און אַזיאַטישעס גראָז].

rat'tlebrain *n.* (רעט'ל-בריין) אַ פּלוי-דערזאַק, אַ פּלאַפּלער; אַ "פּוסטע כלי".

rat'tlecap *n.* (רעט'ל-קעפּ) אַ הייז-קאַפּ; אַ צולאָזען מיידעל.

rat'tlehead *n.* (רעט'ל-העד) ז. ***rattlebrain***.

rat'tle-head'ed *a.* (רעט'ל-העד'-עד) וואָס טומלט; וואָס פּלאַפּלט; וואָס שיט מיט פּוסטע רייד.

rat'tle in the throat (רעטל אין טהי טהראָוט) ריידען הייזעריג, כאָרכלען.

rat'tle-pa'ted *a.* (רעט'ל-פּיי'-טעד) ז. ***rattle-headed***.

rat'tler *n.* (רעט'-לער) אַ פּלאַפּלער, אַ טומלער, אַ פּלוידערער; אַ גרויסער אָדער פּרעכער ליגען; אַזאַ שלאַנג; אַ מין זעהר דינער גאַל-מעסער.

rat'tlesnake *n.* (רעט'ל-סנייק) די קלאַ-פּער-שלאַנג [אַ גרויסע גיפטיגע שלאַנג, וועלכע האָט אויף'ן עק איינינגע האָרן-רינ-געז, וואָס קלאַפּען בעת זי בעוועגט זיך].

Rattlesnake

rat'tletrap *n.* (רעט'ל-טרעפּ) אַ קלאַ-פּענדע אָדער רוישענדע זאַך; אַ ראָד וואָס קלאַפּט בעת ער דרעהט זיך.

rat'tletraps *n.* (רעט'ל-טרעפּס) כלים אָדער זאַכען וואָס קלאַפּען זיך איינע אָן די אַנדערע.

rat'tling *n. and a.* (רעט'-לינג) דאָס קלאַפּערען, דאָס רוישען; דאָס אַנזידלען, דאָס אַנשרייען; וואָס רופט אַרויס אַ גע-רויש; וואָס ערגעגט; שאַרף, לעבעדיג; אונגעהויער גרויס.

rattoon' *n.* (רע-טוהן') אַ שפּראָצונג, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם וואָרצעל פון אַן אָבגעשניטענער פלאַנצע [בעזאָנ-דערס פון אַן אָבגעשניטענעם צוקער-ראָהר]; דער ראַטאַנג אָדער שפּאַנישער ראָהר [אַזאַ פּאַלמען-בוים]; אַ שטעקעל פון דיעזען פּאַלמען-בוים.

rat'-trap *n.* (רעט'-טרעפּ) אַ פּאַסטקע צו כאַפּען ראַטען [ראַצען].

rau'cid *a.* (ראַה'-סיד) ז. ***raucous***.

rau'city *n.* (ראַה'-סי-טי) הייזעריגקייט; רויהקייט פון דער שטימע.

rau'cous *a.* (ראַה'-קאַס) הייזעריג; רויה [וועגען אַ שטימע אָדער קלאַנג].

rau'cously *adv.* (ראַה'-קאַס-לי) אויף אַ הייזעריגען אופן; מיט אַ רויהער שטי-מע.

rav'age *n. and v.* (רעוו'-עדזש) צושטע-רונג, פערוויסטונג; פערוויסטען, מאַכען אַ תל, צושטערען, פערניכטען.

rav'ager *n.* (רעוו'-עדזש-ער) אַ פערוויס-טער, אַ צושטערער; אַ פּלינדערער.

rave *v. and n.* (רייוו) ריידען פון וועג, ריידען מעשה משוגע'נער; פּלוידערען, רייד-דען וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלוי-גען; ריידען מיט פּוסטע קאָנקעדיגע פראַ-זען; ריידען מיט גרויס ליאַרם; אַרויס-לאָזען ווילדע קולות; בושעווען; איינס פון די זייטען-שטיקער פון אַ וואַגען.

rav'el *v. and n.* (רעוו'-על) פערוויקלען, פערפּלאָנטערען; אָבפּלאָנטערען, אָבוויק-לען; זיך פערוויקלען, זיך פערפּלאָנטערען;

זיך אויסדריבלען; ווערען פערפלאנטערט; ווערען מבולבל, ווערען צוטומעלט; ווערען ביסלעכווייז אויפגעלעזט אדער צופאלען; אין וועבעריי — אזא אינסטרומענט אויסצוגלייכען די פעדים אדער זיי פאנאנדערצוטיילען.

rave'lin *n.* (רעווו'-לין) א ראוועלין, א פארשאנצע [אזא דריי=עקיגע ארויסשטארצונג וואס ווערט צוגעבויט צו א פעסטונג].

rav'eling *n.* (רעוו'ל-אינג) א פאדים אדער איינציגע פעדים וואס ווערט ארויסגעצויגען פון געוועבטען אדער געשטריקטען שטאף.

rav'eling-en'gine *n.* (רעוו'ל-אינג-ענ'-דזשין) א מאשין וועלכע צורייבט לומפען [שמאטעס, לופעטעס] צו מאכען דערפון פאפיער.

rav'elling *n.* (רעוו'ל-אינג) ז. *raveling*.

rav'elment *n.* (רעוו'ל-מענט) דאס אויסדריבלען, דאס ארויסציהען די פעדים; א מיינונגס=צוטיילונג, א ניט איבעראיינשטימונג, אן אונאייניגונג אין די געפיהלען.

rav'els *n.* (רעוו'-עלז) די צוריסענע אדער פערפלאנטערטע פעדים וואס ווערען אוועקגעווארפען ביים העקלען אדער שטריקען.

ra'ven *n. and a.* (רייוון) א ראב, א שווארצער ראב, א קראהע, א וואראנע; שווארץ ווי א ראב [א וואראנע].

Raven

rav'en *n. and v.* (רעוון) רויב, פערצוקונג; פלינדערונג, רויבעריי; פערשלינגען מיט גיערינקייט, זשעדנע איינשלינגען, אויפפרעסען.

rav'ening *n.* (רעוו'נ-אינג) זשעדנעקייט צו רויב, גיערינקייט.

rav'eningly *adv.* (רעוו'נ-אינג-לי) מיט א רויבערישער זשעדנעקייט; רויב=גיעריג; שטארק זשעדנע, גיעריג.

rav'enous *a.* (רעוו'נ-אס) פרעסעריש, פרעס=גיעריג; זשעדנע, גיעריג; אונערזעטליך.

rav'enously *adv.* (רעוו'נ-אס-לי) מיט גרויס זשעדנעקייט; פרעס=גיעריג.

rav'enousness *n.* (רעוו'נ-אס-נעס) רויב=גיעריגקייט, רויבערישע זשעדנעקייט.

ra'venry *n.* (ריי'ונ-רי) א ראבען=נעסט, אן ארט וואו ראבען [וואראנעס] האלטען זיך אויף.

ra'ven's-duck *n.* (ריי'ונז-דאק) אזא זארט דינער זעגעל=טוך געוועבט פון האנף [קאנאפליע].

ra'ver *n.* (ריי'-ווער) א פערריקטער, א משוגע'נער, א מאניאק.

ravine' *n.* (רע-ווין') א קלופט, א שלוכט, א שמאלער טיעפער טהאל צווישען צוויי בערג; א לאנגער טיעפער גראבען וואס איז דורכגעריסען געווארען פון א וואסערשטראם.

ra'ving *a. and n.* (ריי'-ווינג) וויטהענד, אויפגעקאכט פון צארן; וואס קען ארויסרופען בעוואונדערונג אדער ענטהוזיאזם; איבערראשענד, ערשטוינענד; א ווילדער, משוגע'נער געשריי; א משוגע'נע פלוידעריי.

ra'vingly *adv.* (ריי'-ווינג-לי) מיט ווילדקייט, מיט משוגעת; וויטהענד.

rav'ish *v.* (רעוו'-איש) 1. שענדען, פערגוואלטיגען, מאנס זיין; 2. ענטציקען, הינרייסען; 3. אוועקרויבען, אוועקנעהמען מיט גוואלט.

1. The soldiers of the victorious army ravished the women of the town.

rav'isher *n.* (רעוו'-איש-ער) אן אוועקרויבער; א פרויען=שענדער; איינער וואס ענטציקט.

rav'ishing *n. and a.* (רעוו'-איש-אינג) ענטציקונג; דאס מאנס זיין, דאס פערגוואלטיגען; ענטציקענד, הינרייסענד; אוועקרויבענד, אוועקנעהמענד מיט גוואלט; פערגוואלדיגענד, שענדענד.

rav'ishingly *adv.* (רעוו'-איש-אינג-לי) אויף אן ענטציקענדען אופן; הינרייסענד.

rav'ishment *n.* (רעוו'-איש-מענט) ענטציקונג, הינרייסונג; אוועקרויבונג; פערגוואלטיגונג, שענדונג.

rav'issant *a.* (רעוו'-אי-סענט) ווי שפרינגענדיג אויף רויב [וועגען א צייכנונג אויף א שילד אדער וואפען וואס שטעלט פאר א רויב=טהיער שפרינגענדיג אויף דעם רויב].

raw *a. and n.* (ראה) 1. רויה, ניט געקאכט; 2. ניט אויסגעארבייט, ניט בעארבייט; ניט ארויסגעפארטיגט; 3. רויה, שארסטקע; 4. פייכט און קאלט [וועגען וועטער]; 5. אונערפאהרען, "גרין", ניט געאיבט; 6. רויה, הויטלאז [וועגען א וואונד]; שמערצהאפט, עמפפינדליך; 7. ניט געברענט [וועגען ליימענע כלים]; 8. א רויהער ארטיקעל, פראדוקט אדער מאטעריאל; 9. א רויהע וואונד; אן עמפפינדליכער אדער אנגעוועהטאגטער ארט.

1. Boiled milk will last longer than **raw** milk. 2. He is importing **raw** materials from Europe. 4. The day was **raw** and dismal. 5. Most of the sailors were **raw** seamen. 6. The horse had a **raw** spot on his back.

raw'-boned *a.* (ראה'-באונד) מאגער, וואס האט נאר הויט און ביינער.

raw deal (ראה דיעל) א גראבע, ברוטאלע בעהאנדלונג; א בעהאנדלונג מיט רויהער געוואלט.

The radical faction received a **raw deal** at the convention.

raw'head *n.* (ראה'-העד) א סטראשידלע, א שרעקענס=בילד.

raw'hide *n. and a.* (ראה'-האיד) רויהע לעדער, ניט קיין געגארבטע פעל; א בייטש געמאכט פון רויהער פעל; וואס איז געמאכט פון רויהער פעל.

raw'ish *a.* (ראה'-איש) רויהליך.

raw'ly *adv.* (ראה'-לי) רויה, ניט בעארבייט.

raw'ness *n.* (ראה'-נעס) רויהקייט, רויההייט; דאס זיין ניט בעארבייט; נאסקייט און קאלטקייט פון וועטער; אונערפאהרענהייט, אונגעאיבטקייט, "גרינקייט".

raw silk (ראה סילק) רויהער זייד וואס ווערט אראבגעוויקעלט אויף א שפולע פון קאקאן [דאס שפינוועב, אין וועלכען דער זייד=ווארים וויקעלט זיך איין].

raw sore (ראה סאור) א רויהע אדער אפענע וואונד.

rax *v.* (רעקס) אויסשטרעקען; אויסציהען; זיך אויסשטרעקען, זיך אויסציהען.

ray *n. and v.* (ריי) א שטראהל; א ליכט=שטראהל; א שטרייף, א ליניע; אין געאמעטריע — אן אונבעגרענצטע גראדע ליניע; אין זאאלאגיע — א שטראהלען=עהנליכער גליעד אדער טייל [ווי א ביינדעל פון א פלוס=פעדער פון א פיש, די ארעמס פון א שטערען=פיש א. ד. ג.]; אין באטאניק — א שטראהלען=עהנליכע בלום אדער א שטראהלען=עהנליכער טייל פון א בלום; אזא פיש וועלכער זעהט אויס זעהר פלאטשיג דורך דעם וואס ער האט זעהר ברייטע פלוס=פעדערן, וועלכע געהען ביי איהם ארוים פון ביידע זייטען און נעהמען ארום זיין גאנצען קערפער ווי די שטראהלען=עהנליכע טיילען פון א פעכער [ז. איל.]; שטראהלען, ארויסלאזען שטראהלען פון זיך; לאזען אויסשטראהלען, מאכען עס זאל שטראהלען; בעצייכענען מיט לאנגע גראדע ליניען ווי שטראהלען.



Ray

Ra'ya *n.* (רא'-יא) א ניט=מאכמעדאנישער אונטערטהאן פון דעם סולטאן אין טערקיי.

Ra'yah *n.* (רא'-יא) ז. *Raya*.

rayed *a.* (רייד) וואס האט שטראהלען; וואס האט שטראהלען=עהנליכע טיילען [ווי דער שטראהלען=פיש, די שטראהלען=בלומען א. ד. ג.].

ray'ey *a.* (ריי'-אי) וואס בעשטעהט פון שטראהלען; וואס האט שטראהלען.

ray'-flo'ret *n.* (ריי'-פלאו'-רעט) ז. *ray-flower*.

ray'-flow'er *n.* (ריי'-פלאו'-ער) א שטראהלען=עהנליכע בלום; דער זייטיגער טייל פון א בלומען=בינטעל, וואס האט א בעזונדערען קאליר.

ray'-grass *n.* (ריי'-גרעס) דאס ריי=גראז [א מין גראז וואס ווערט בענוצט אלס פוטער פאר בהמות].

ray'less *a.* (ריי'-לעס) אהן שטראהלען, אהן ליכט, טונקעל; אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס האט ניט קיין שטראהלען=עהנליכע טיילען.

ray'-oil *n.* (ריי'-איל) אן אויל אדער טראן וואס בעקומט זיך פון לעבער פון די פלאך=פיש. ז. *ray*.

ray'onnant *a.* (ריי'-א-נענט) אויסגעשטעלט אין דער פארם פון שטראהלען, וועלכע געהען ארוים פון איין צענטער.

raze *v.* (רייז) צושטערען, מאכען א תל, פערטיליגען, אבווישען פון דער ערד; אבמעקען, אויסמעקען.

razee' *n. and v.* (רע-זיע') א קריעגס=שיף וועלכע איז פערקלענערט געווארען דורך אבשניידען איינע דעקען: אבשניידען א דעק פון א קריעגס=שיף אום זי קלענער צו מאכען; קלענער מאכען דורך אבשניידען אדער אויסשניידען געוויסע טיילען.

ra'zor *n.* (ריי'-זאר) א ראזיר=מעסער, א בריטווע, א גאל=מעסער; דער האק=צאהן [דער ארויסשטארצענדער גרויסער צאהן] פון א ווילדען חזיר.

ra'zor-backed *a.* (ריי'-זאר-בעקט) וואס האט א שארפען רוקען.

ra'zorbill *n.* (ריי'-זאר-ביל) די פעטגאנז [אזא וואסער=פויגעל מיט א שארפען שנאבעל].

Razorbill

ra'zor-billed *a.* (ריי'-זאר-בילד) וואס האט א שארפען שנאבעל [וועגען געוויסע פויגלען].

ra'zor-fish *n.* (ריי'-זאר-פיש) דער מעסער=פיש [א מין פיש וואס האט א רוקען ווי א מעסער]; דער מעסער=מאלוסק [אזא מאלוסק וואס זיין מושעל האט די פארם פון א ראזיר=מעסער].

ra'zor-grass *n.* (ריי'-זאר-גרעס) אזא וועסט=אינדישעס גראז מיט שארפע שניידענדע בלעטער.

ra'zor-hone *n.* (ריי'-זאר-האון) א שארפשטיין צום שארפען ראזיר=מעסערס [בריטוועס].

ra'zor-paste *n.* (ריי'-זאר-פייסט) אזא פאסטע אדער פולווער וואס ווערט בענוצט צו בעשמירען דעם רימען אויף וועלכען מען גלעט אב א ראזיר=מעסער [בריטווע].

ra'zor-shell *n.* (ריי'-זאר-שעל) די מעסער=מושעל [אזא מושעל פון א געוויסען מאלוסק וואס איז עהנליך צו א ראזיר=מעסער].

ra'zor-strap *n.* (ריי'-זאר-סטרעפ) ז. *razor-strop*

ra'zor-strop *n.* (ריי'-זאר-סטראפ) א שטרייך=רימען אנצושארפען און אבצוגלעטען ראזיר=מעסערס [בריטוועס].

raz'zia *n.* (רעט'-סי-א) א מיליטערישע שטראף=עקספעדיציע, וועלכע נעהמט אוועק דאס האב און גוטס פון די, וועלכע זיי פערפאלגט; א בעוואפענטע רויבער=באנדע.

R. C. ראשי תבות פון *Roman Catholic*

re *n.* (ריי) רע [דער צווייטער טאן פון א מוזיקאלישער נאטען=סקאלע].

re *n.* (ריע) בעצוג, בעציהונג, פערהעלטנים, אבמאך [א יורידישער אויסדרוק]. The papers in re Brown vs. Smith disappeared from the records of the court.

reabsorb' *v.* (רי-עב-סאהרב') וויעדער איינזויגען, צוריק אריינעהמען אין זיך, אויפס=ניי איינשלינגען.

reabsorp'tion *n.* (רי-עב-סאהרפ'-שאן) וויעדער=איינזויגונג; דאס צוריק איינשלינגען אדער איינגעשלונגען ווערען.

reac'cess *n.* (רי-עק'-סעס) דער וויעדער=צוטריט, דער צוטריט אויפס=ניי; א בעצווייטער איבערפאל; דער וויעדער=בעזוך.

reaccom'modate *v.* (רי-ע-קאמ'-א-דייט) אויפס=ניי בריינגען אין ארדנונג, צוריק צופאסען.

reaccuse' *v.* (רי-ע-קיוז') וויעדער בעשולדיגען, אויפס=ניי בעשולדיגען.

reach *v. and n.* (ריעטש) שטרעקען, אויסשטרעקען; דערלאנגען, געבען, נעהמען [אויסשטרעקענדיג די האנד]; גרייכען; דערגרייכען; צוקומען; מאכען א פערזוך עפעס צו דערגרייכען; א שטרעקע; א דערגרייכונגס=שטרעקע, ווירקונגס=ווייטקייט; פעהיגקייט צו ערפילען; פערשטענדנים, פעהיגקייט צו בענעהמען אדער בעגרייפען; א שטרעבונג צו דערגרייכען עפעס; א פלאן, א מיטעל; א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין וואסער.

reach'able *a.* (ריעטש'-עבל) דערגרייכבאר.

reach'er *n.* (ריעטש'-ער) א דערגרייכער; איינער אדער עטוואס וואס דערגרייכט עפעס; עטוואס מיט וואס מען דערלאנגט.

reach'less *a.* (ריעטש'-לעס) אונדערגרייכבאר, וואס קען ניט ערגרייכט ווערען.

reach'-me-down' *a.* (ריעטש'-מי-דאון') פארטיג=געמאכט, טאנדעט.

react' *v.* (רי-עקט') וויעדער פארשטעלען אדער שפיעלען [א טעאטער=שטיק]; רעאגירען, צוריקווירקען, געגענווירקען, געגענזייטיג ווירקען.

reac'tion *n.* (רי-עק'-שאן) רעאגירונג אדער רעאקציאן [געגענווירקונג, צוריקווירקונג, געגענזייטיגע ווירקונג]; רעאקציאן, צוריקקעהרונג צו א פריהעריגער פאליטישער ארדנונג; געגנערשאפט צום פראגרעס.

reac'tionary *a. and n.* (רי-עק'-שאנ-ע-רי) רעאגירענד, צוריקווירקענד; געגענווירקענד; געגענזייטיג ווירקענד; רעאקציאנער, שטרעבענד אומצוקעהרען א פריהעריגע פאליטישע ארדנונג, וואס איז געגען פראגרעס; א רעאקציאנער, איינער וואס קעמפפט געגען דער איצטיגער ארדנונג און שטרעבט אומצוקעהרען די אמאליגע צייטען.

reac'tionist *n.* (רי-עק'-שאנ-איסט) א רעאקציאנער. ז. *reactionary*

reac'tive *a.* (רי-עק'-טיוו) רעאגירענד, צוריקווירקענד; געגענווירקענד, געגענזייטיג ווירקענד.

reac'tively *adv.* (רי-עק'-טיוו-לי) דורך רעאגירונג, צוריקווירקונג, געגענווירקונג אדער געגענזייטיגער ווירקונג.

reac'tiveness *n.* (רי-עק'-טיוו-נעס) געגענווירקונג, רעאגירונגס=פעהיגקייט.

reactiv'ity *n.* (רי-עק-טיוו'-אי-טי) געגענווירקונג, דאס זיין רעאגירענד, צוריקווירקענד אדער געגענווירקענד.

read *v.* (ריעד) לייענען; לייענען אויף'ן קול; פארלעזען; לעזען, ערקלערען [א רעטעניש, א חלום א. ז. וו.]; לערנען, איינלערנען מיט אימעצען; ארויסלייענען, פערשטעהן; ענטדעקען, אויספארשען; אויסטייטשען; ווירקען דורך לייענען; שפיעלען אדער זינגען פון נאטען; שפיעלען אדער זינגען עפעס אויף אן אייגענעם שטייגער; זיך לייענען, קלינגען אלס...; בעדייטען, מיינען; זיך לעזען, זיין ווינשענסווערטה צום לעזען.

read *a.* (רעד) בעלעזען. He is well read in political economy.

readabil'ity *n.* (ריעד-ע-ביל'-אי-טי) ז. *readableness*

read'able *a.* (ריעד'-עבל) לעזבאר; וואס לעזט זיך לייכט, וואס איז אינטערעסאנט צו לעזען, וואס איז ווערטה געלעזען צו ווערען.

read'ableness *n.* (ריעד'-עבל-נעס) לעזבארקייט; דאס אינטערעסאנטע אדער ווינשענסווערטהע צו לעזען.

read'ably *adv.* (ריעד'-ע-בלי) אויף א לעזבארען אופן.

read a lec'ture (ריעד ע לעק'-טשור) לייענען אדער האלטען א לעקציע; געבען א גאב, אויסזידלען.

read between' the lines (ריעד בי-טהוויען'_טהי לאינז) לייענען צווישען די שורות [פערשטעהן דעם פערבארגענעם מיין].

read by sound (ריעד באי סאונד) לעזען א טעלעגראמע לויט די קלאנגען פון טעלעגראפישען אפאראט.

readdress' *v.* (רי-ע-דרעס') צוריק ווענדען, אויפס=ניי אדרעסירען.

readep'tion *n.* (רי-ע-דעפ'-שאן) דאס צוריקקריגען אדער צוריקגעווינען.

read'er *n.* (ריעד'-ער) א לעזער; איינער וואס לעזט מאנוסקריפטען אדער ביכער וואס ווערען צוגעשיקט אין א רעדאקציע; א קארעקטאר; א לעקטאר, א פארלעזער; א בעל קורא; א לעזע=בוך [פאר שוהל=קינדער]; אן ערקלערער, אן אויסטייטשער; איינער וואס שטודירט עפעס.

read'ership *n.* (ריעד'-ער-שיפ) דאס אמט פון אן אוניווערזיטעטס=לעקטאר.

read'ily *adv.* (רעד'-אי-לי) גלייך, באלד, אהן פערציהונג; גרינג, לייכט; גערן, וויליג, גרייט.

read'iness *n.* (רעד'-אי-נעס) פארטיגקייט, גרייטקייט, וויליגקייט; לייכטקייט, גרינגקייט; שנעלקייט, פלינקייט.

read'ing *n. and a.* (ריעד'-אינג) דאס לעזען; א פארלעזונג, א לעקציע; אויסטייטשונג [פון צייכענס, פון חלומות א. ז. וו.]; לעזונג [פון רעטענישען]; דאס וואס ווערט געלעזען; צייכענס אדער אנצייגונגען פון אן אינסטרומענט [ווי א באראמעטער, טערמאמעטער א. ז. וו.]; א פארם, א נוסח, אן אויסדרוק, א פערשיעדענהייט אין אויסדריקע [אין שריפטען]; וואס האט ליעב צו לעזען אדער צו שטודירען.

read'ing-book *n.* (ריעד'-אינג-בוק) א לעזע=בוך; א בוך מיט קאפיטלעך פון הייליגע שריפטען, וואס ווערען פארגעלעזען אין א קירך.

read'ing-boy *n.* (ריעד'-אינג-באי) א אינגעל וואס לעזט פאר מאנוסקריפטען פאר א דרוק=קארעקטאר.

read'ing-clos'et *n.* (ריעד'-אינג-קלאז'-עט) א לעזע=צימערעל פאר א קארעקטאר.

read'ing-desk *n.* (ריעד'-אינג-דעסק) א לעזע=טיש; א הויכער טיש צוגעפאסט צום לעזען שטעהענדיג; א לעזע=פולט אדער סטענדער אין א קירך.

read'ing-glass *n.* (ריעד'-אינג-גלעס) א פערגרעסערונגס=גלאז צום לעזען.

read'ing-lamp *n.* (ריעד'-אינג-לעמפ) א לאמפ צוגעפאסט צום לעזען [געמאכט אזוי, אז די שיין זאל פאלען אויף'ן לעזע=טיש אדער לעזע=סטענדער].

read'ing-mat'ter *n.* (ריעד'-אינג-מעט'-ער) לעזע=שטאף פון א פעריאדישער אויסגאבע [אין געגענזאץ פון מודעות אדער בעצאהלטע אנאנסען].

read'ing-no'tice *n.* (ריעד'-אינג-נאו'-טים) א בעצאהלטע מודעה אין א פעריא=

דישער אויסגאבע אין דער פארם פון געוועהנליכען לעזע=שטאף.

read'ing-room *n.* (ריעד'-אינג-רוהם) א לעזע=צימער, א צימער וואו עס זיינען אויסגעלעגט צייטונגען, זשורנאלען און ביכער צום לעזען; דאס צימערל וואו עס ארבייט דער קארעקטאר פון א צייטונג.

read'ing-stand *n.* (ריעד'-אינג-סטענד) א לעזע=סטענדער.

read'ing-ta'ble *n.* (ריעד'-אינג-טיי'בל) א לעזע=טיש.

readjourn' *v.* (רי-ע-דזשוירן') נאך אמאל אבלעגען; נאך אמאל שליסען א פערזאמלונג און זי אבלעגען.

readjourn'ment *n.* (רי-ע-דזשוירנ'-מענט) דאס נאך אמאל אבלעגען. ז. *readjourn*

readjust' *v.* (רי-ע-דזשאסט') ווידער אין ארדנונג ברייננגען; ווידער אויסגלייכען; ברייננגען אין ארדנונג אדער אויסגלייכען אויף א נייעם שטייגער; איינארדנען אויפס=ניי.

readjust'er *n.* (רי-ע-דזשאסט'-ער) איינער וואס ברייננגט ווידער אמאל אין ארדנונג אדער גלייכט אויס; איינער וואס ארדנעט איין אויפס=ניי אדער אויף א נייעם שטייגער.

Readjust'er *n.* (רי-ע-דזשאסט'-ער) א ריעדזשאסטער, א מיטגליעד פון א פארטיי אין ווירדזשיניא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד=אמעריקא], וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1878 און האט געפאדערט, אז מען זאל פטור ווערען פון די שטאאטס=חובות אויף בעדינגונגען וואס דער שטאאט אליין וועט בעשטימען.

readjust'ment *n.* (רי-ע-דזשאסט'-מענט) דאס ווידער אמאל ברייננגען אין ארדנונג, אויסגלייכונג אויפס=ניי, איינארדנונג אויפס=ניי אדער אויף א נייעם שטייגער; די פלענער פון די ריעדזשאסטערס [א געוויסע פארטיי אין ווירדזשיניא] פטור צו ווערען פון די שטאאטס=חובות. ז. *Readjuster*

readmis'sion *n.* (רי-עד-מיש'-אן) ווידער=צולאזונג, ווידער=אריינלאזונג; ערלויבנים אריינצוקומען נאך אמאל.

readmit' *v.* (רי-עד-מיט') ווידער צולאזען, ווידער אריינלאזען.

readmit'tance *n.* (רי-עד-מיט'-ענס) ז. *readmission*

read mu'sic (ריעד מיו'-זיק) לעזען נאטען.

read one to sleep (ריעד הוואן טו סליעפ) איינשלעפערען דורך פארלעזען.

readopt' *v.* (רי-ע-דאפט') ווידער אויפנעהמען, ווידער אננעהמען; אויפס=ניי מאכען פאר אייגענעם [פרעמדעס אייגענטום]; צוריק אדאפטידען [א קינד].

readorn' *v.* (רי-ע-דאהרן') ווידער בעשעהנען, אויפס=ניי בעציערען.

read out (ריעד אוט) 1. אויסלייענען [ביז ענדע]; לייענען הויך; 2. ארויסיאגען, ארויסשטויסען פון א געזעלשאפט דורך אן עפענטליכער ערקלערונג.

2. We shall **read** the bolters **out** of the party.

read up (ריעד אפ) גרינדליך אויסשטודירען.

The pupils were told to **read up** on the history of the American Revolution.

readvance' *v.* (רי-עד-ווענס') ווידער פארווערטס קומען, פון דאס ניי פארטשרייטען אדער שטייגען.

readver'tency *n.* (רי-עד-וואיר'-טענ-סי) בענייטע אויפמערקזאמקייט; אויפמערקזאמקייט אויפס=ניי.

read'y *a. and n.* (רעד'-אי) פארטיג, גרייט, צוגעגרייט; פארבערייטעט; ווילינג; געשווינד; געניט; פעהיג, פלינק; באארעס געלד, מזומנים; פארטיגקייט; ווילינגקייט; אין מיליטער — דאס האלטען גרייט די ביקסען צום שיסען נאך דער קאמאנדע "רעדי!" [זייט פארטיג!].

read'y about' (רעד'-אי ע-באוט') זיך אומדרעהען אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג [אין מיליטער].

read'y-made *a.* (רעד'-אי-מייד) גרייט=געמאכט; טאנדעט.

I bought a **ready-made** suit.

read'y mon'ey (רעד'-אי מאנ'-אי) מזומנים.

read'y pay'ment (רעד'-אי פיי'-מענט) א צאהלונג אין מזומנים.

read'y-reck'oner *n.* (רעד'-אי-רעק'-נער) א בוך אדער טאבעלע מיט פארטיגע רעכנונגען.

reaffirm' *v.* (רי-ע-פוירם') אויפס=ניי בעהויפטען, בעשטעטיגען אדער פערזיכערען.

The convention **reaffirmed** its belief in the party's principles.

reaffir'mance *n.* (רי-ע-פויר'-מענס) ווידער=בעשטעטיגונג, ווידער=בעהויפטונג, ווידער=פערזיכערונג.

reaffirma'tion *n.* (רי-עפ-אויר-מיי'-שאן) ז. *reaffirmance*

reaffor'est *v.* (רי-ע-פאר'-עסט) צוריק פערוואנדלען אין וואלד.

reafforesta'tion *n.* (רי-ע-פאר-עס-טיי'-שאן) פערוואנדלונג אויפס=ניי אין וואלד.

rea'gency *n.* (רי-איי'-דזשענ-סי) רעאגירונג, צוריקווירקונג, געגענווירקונג; אין כעמיע — די ווירקונג פון א רעאגענט. ז. *reagent*

rea'gent *n.* (רי-איי'-דזשענט) אין כעמיע — א רעאגענט אדער רעאקטיוו [א פרוביר=מיטעל, א מיטעל ארויסצורופען ענדערונגען אין א שטאף פאר אונטערזוכונגס=צוועקען]; איינער אדער עפעס וואס רעאגירט אדער ווירקט צוריק.

reaggrava'tion *n.* (רי-עג-רע-וויי'-שאן) די לעצטע ווארנונג איידער מען לעגט איינעם אריין אין חרם [ביי די קאטוי ליקען].

reagree' *v.* (רי-ע-גריע') ווידער אמאל מסכים זיין, ווידער זיך אויסגלייכען; צוריק שלום ווערען.

real' *n.* (רע-על') דער רעאל [א שפאנישע מטבע פון אונגעפעהר 5 סענט].

re'al *a., n. and adv.* (רי'-על) רעאל, ווירקליך, טהאטזעכליך; וואהר, וועזענטליך, נאטירליך; וואס געהערט צו זאכען און ניט בלויז צו ווערטער אדער בעגריפען; אין יוריספרודענץ — זאכליך, אונבעוועגליך [ווי אונבעוועגליכעם אייגענטום]; עכט, ניט נאכגעמאכט אדער פערפעלשט; א רעאליטעט, אן עקזיסטירענדע זאך; אויף א רעאלען, ווירקליכען שטייגער.

re'al ac'tion (רי'-על עק'-שאן) א קלאגע אדער געריכטס=פראצעס וועגען א ווירקליכער זאך [ווי וועגען אונבעוועגליכען אייגענטום].

re'al char'acter (רי'-על קער'-עק-טער) א שריפט=צייכען, וועלכער שטעלט פאר סימבאליש א זאך; א היעראגליפען=צייכען [ווי למשל, אין די אלט=עגיפטישע היעראגליפען — אן איבערגעפילט שיסעלע האט בעדייטעט דעם טייך נילוס].

re'al estate' (רי'-על עס-טייט') גרונד=אייגענטום; אונבעוועגליכעם פערמעגען [ווי לאנד, הייזער א. ז. וו.].

real'gar *n.* (רי-על'-גאר) רעאלגאר, א כעמישער שטאף פון שוועבעל און ארסעניק.

realisa'tion *n.* (רי-על-אי-זיי'-שאן) ז. *realization*

re'alise *v.* (רי'-על-איז) ז. *realize*

re'alism *n.* (רי'-על-איזם) רעאליזם [אין דער מאדערנער פילאזאפיע — די לעהרע, אז די סובסטאנץ פון די זאכען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירט אין דער אויסערליכער וועלט אונאבהענגיג פון אונזערע פארשטעלונגען; אין דער מיטעלאלטערליכער פילאזאפיע — די לעהרע, אז די אלגעמיינע בעגריפען, ווי חיה, פלאנצע, חכמה, שעהנהייט א. ז. וו., האבען א רעאלע עקזיסטענץ און זיינען ניט בלויז נעמען; אין קונסט און ליטעראטור — די ריכטונג צו מאלען בילדער און פארצושטעלען זאכען, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות].

re'alist *n. and a.* (רי'-על-איסט) א רעאליסט, אן אנהענגער פון רעאליזם אין פילאזאפישען אדער ליטערארישען זין [ז. *realism*]; איינער וואס שטעהט פאר טעכנישע למודים אין די שולען אנשטאט קלאסישע; רעאליסטיש; וואס איז שייך צו רעאליזם.

realis'tic *a.* (רי-ע-ליס'-טיק) רעאליסטיש, ווירקליך, ריכטיג פארגעשטעלט; וואס איז שייך צו רעאליזם אדער צו די רעאליסטען. ז. *realism*

realis'tically *adv.* (רי-ע-ליס'-טי-קעל-אי) אויף א רעאליסטישען שטייגער.

real'ity *n.* (רי-על'-אי-טי) רעאליטעט, דאס ווירקליך=עקזיסטירענדע; ווירקליכקייט.

re'alizable *a.* (רי'-ע-לאי-זעבל) וואס קען פערווירקליכט ווערען.

realiza'tion *n.* (רי-על-אי-זיי'-שאן) רעאליזירונג, פערווירקליכונג; דאס פיהלען אדער דאס בעגרייפען די ווירקליכקייט פון עפעס; דאס מאכען צו געלד; דאס פערוואנדלען געלד אין גרונד=אייגענטום.

re'alize *v.* (רי'-על-איז) 1. רעאליזירען, פערווירקליכען; 2. בעגרייפען, בענעהמען; 3. מאכען רעאליסטיש, מאכען ווי עס וואלט עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט; 4. ארויסקריעגען, בעקומען, בעקומען אלס פראפיט; 5. מאכען צו געלד; פערוואנדלען געלד אין גרונד=אייגענטום.

1. The plan was finally **realized**. 2. We could not **realize** the danger of our position. 4. He **realized** a fortune from his speculation.

reallege' *v.* (רי-ע-לעדזש') ווידער דערצעהלען, ווידער בעהויפטען.

realli'ance *n.* (רי-ע-לאי'-ענס) דאס ווידער פערבינדען זיך; א בענייטער פערבאנד.

really' *v.* (רי-ע-לאי') ווידער צוזאמענשטעלען; ווידער אויסבילדען אדער פארמירען.

re'ally *adv.* (רי'-על-אי) ווירקליך, אין דער טהאט, געוויס, באמת.

I am **really** too tired to talk.

realm *n.* (רעלם) דאס קעניגרייך, דאס רייך; די ספערע פון מאכט, ווירקונג אדער טהעטיגקייט.

re'alness *n.* (רי'-על-נעס) רעאלקייט, ווירקליכקייט, דאס זיין רעאל.
re'al prop'erty (רי'-על פראפ'-ער-טי) ז. *real estate*.
re'al-school *n.* (רי'-על-סקוהל) א רעאל-שולע [א מיטעל-שולע וואו מען לערענט מעהר טעכנישע למודים איידער קלאסישע].
re'al stuff (רי'-על סטאף) דער ריכטיגער שטאף, די ריכטיגע זאך [בעזונדערס וועגען פערשיעדענע שנאפסען].
re'alty *n.* (רי'-על-טי) אונבעוועגליכקייט; גרונד-אייגענטום.
ream *v. and n.* (ריעם) מאכען ברייטער א לאך דורך בויערען; א ריעם פאפיער [ענטהאלט 20 ליוואר אדער 480 בויגען].
rea'mer *n.* (ריע'-מער) איינער וואס בויערט; א געצייג וואס ווערט געברויכט צו פערגרעסערען אדער פערברייטערען אן אויסגעבוירטען לאך.
ream'putate *v.* (רי-עמ'-פיו-טייט) נאך אמאל אבשניידען [אן אבר].
reamputa'tion *n.* (רי-עם-פיו-טיי'-שאן) דאס נאך אמאל אבשניידען [אן אבר].
rean'imate *v.* (רי-ענ'-אי-מייט) ווידער בעלעבען; צוריקרופען צום לעבען; קרעפטיגען, שטארקען, צוגעבען ענערגיע.
reanima'tion *n.* (רי-ען-אי-מיי'-שאן) די ווידער-בעלעבונג; דאס צוריקרופען צום לעבען.
reannex' *v.* (רי-ען-עקס') ווידער צוזעצען, ווידער צוגעבען, ווידער פעראייניגען.
reannexa'tion *n.* (רי-ען-עק-סיי'-שאן) די ווידער-צוזעצונג, די ווידער-צוגעבונג, די ווידער-פעראייניגונג.
reanoint' *v.* (רי-ע-נאינט') ווידער אמאל זאלבען.
rean'swer *v.* (רי-ענ'-סער) ווידער ענטפערען.
reap *v.* (ריעפ) שניידען תבואה, ארבנעהמען די תבואה פון די פעלדער; בעקומען די פרוכט פון דער ארבייט.
rea'per *n.* (ריע'-פער) א שניטער, א שניטערין [איינער אדער איינע וואס שניידט תבואה]; א מאשין צו שניידען תבואה.
reap'-hook *n.* (ריעפ'-הוק) ז. *reaping-hook*.
rea'ping-hook *n.* (ריע'-פינג-הוק) א סערפ, א שניט-מעסער.
rea'ping-machine' *a.* (ריע'-פינג-מע-שין') א שניט-מאשין [א מאשין צו שניידען תבואה פון די פעלדער].


Reaping-machine

rea'ping-time *n.* (ריע'-פינג-טאים) שניט-צייט.
reappar'el *v.* (רי-ע-פער'-על) ווידער בעקליידען; איבערקליידען.
reappear' *v.* (רי-ע-פיער') ווידער ערשיינען.
reappear'ance *n.* (רי-ע-פיער'-ענס) די ווידער-ערשיינונג.
reapplica'tion *n.* (רי-עפ-לי-קיי'-שאן) דאס ווענדען זיך ווידער, די ווידער-אנווענדונג.
reapply' *v.* (רי-ע-פלאי') זיך ווידער ווענדען, אנווענדען נאך אמאל.
reappoint' *v.* (רי-ע-פאינט') ווידער בעשטימען, בעשטימען נאך אמאל.
reappoint'ment *n.* (רי-ע-פאינט-מענט) די ווידער-בעשטימונג.
reappor'tion *v.* (רי-ע-פאור'-שאן) ווידער אויסטיילען.
reappor'tionment *n.* (רי-ע-פאור-שאן-מענט) דאס ווידער פאנאנדערטיילען, דאס ווידער אויסטיילען פראפארציאנעל.
reapproach' *v.* (רי-ע-פראוטש') ווידער דערנעהנטערען זיך; ווידער נאהענט צונויפברייגען אדער זיך צונויפקומען.
rear *v., n. and a.* (ריער) אויפהויבען, אויפשטעלען, אויפבויען; ערציהען, אויפהאדעווען; קולטיווירען; זיך אויפהויבען; זיך שטעלען דיבאם [אויף די הינטערשטע פיס]; דער הינטערשטער טייל פון עפעס; עטוואס וואס געפינט זיך הינטען; הינטער-גרונד; די הינטער-אבטיילונג, די לעצטע אבטיילונג פון אן ארמעע אדער פלאטע; הינטער, וואס געפינט זיך הינטען.
rear'-ad'miral *n.* (ריער'-עד'-מי-רעל) א קאנטר-אדמיראל, אן אונטער-אדמיראל [אין אמעריקא זיינען פאראן דריי טיטולען אין דער קריעגס-פלאטע: אדמיראל, וויצע-אדמיראל און ריער-אדמיראל].
rear'er *n.* (ריער'-ער) איינער וואס ערציהט, האדעוועט אדער קולטיווירט; א פערד אדער עזעל וואס האט א געוואהנהייט זיך צו שטעלען דיבאם [אויף די הינטערשטע פיס].
rear'-guard *n.* (ריער'-גארד) דער אריערגארד, די הינטער-וואך [א מיליטער-אבטיילונג וואס האט די אויפגאבע צו בעשיצען די הינטערשטע אבטיילונג פון דער ארמעע, הויפטזעכליך ביים צוריקטרעטען].
rear'gue *v.* (רי-אר'-גיו) איבערדעבאטירען, אויפס-ניי אויפנעהמען די ארגומענטאציאן אדער דעם ויכוח.
rear'gument *n.* (רי-אר'-גיו-מענט) א בעניייטע ארגומענטאציאן, ויכוח אדער דעבאטע.
rear'horse *n.* (ריער'-האהרס) אזא אינזעקט, וואס האט א געוואהנהייט זיך צו שטעלען אויף די הינטערשטע פיס. ז. *Mantis*.
rear'ing-bit *n.* (ריער'-אינג-ביט) א צוים-געביס [דאס מויל-אייזענדעל], וואס צווינגט א פערד זיך אויפצושטעלען דיבאם [אויף די הינטערשטע פיס].
rear'ing-box *n.* (ריער'-אינג-באקס) א קאסטען, וואו מען קולטיווירט פיש.
rear'most *a.* (ריער'-מאוסט) וואס איז סאמע צום הינטערשטען אדער צום לעצטען.
rear'mouse *n.* (ריער'-מאוס) א פלעדערמויז.
rearrange' *v.* (רי-ע-ריינדזש') 1. ווידער ברייגגען אין ארדנונג; ווידער איבערשטעלען; צוריק איינריכטען; איינארדנען פון דאס ניי; 2. אויפס-ניי אבריידען אדער אבמאכען.
1. The furniture in the room was rearranged. 2. The plans had to be rearranged.
rearrange'ment *n.* (רי-ע-ריינדזש-מענט) א נייע איינארדנונג; דאס איינריכטען אדער איינארדנען פון דאס ניי; דאס אבמאכען אדער אבריידען אויפס-ניי.
rear'ward *n.* (ריער'-הוואהרד) אן אריערגארד [ז. *rear-guard*]; מענשען וואס געהען הינטען.
rear'ward *a., adv. and n.* (ריער-הווארד) וואס געפינט זיך הינטען, וואס קומט צו לעצט; פון הינטען; עטוואס וואס געפינט זיך פון הינטען אדער צו לעצט; ענדע.
The battleship sailed away **rearward**.
reascend' *v.* (רי-ע-סענד') ווידער אויפשטייגען, ווידער ארויפגעהן.
reascen'sion *n.* (רי-ע-סענ'-שאן) א ווידער-ארויפשטייגונג, דאס ארויפשטייגען פון דאס ניי; דאס צוריק ארויפגעהן.
reascent' *n.* (רי-ע-סענט') דאס ווידער-אויפהויבען זיך נאך אן ארונטערלאזונג.
rea'son *n. and v.* (ריזען) די פערנונפט; דער פערשטאנד; א פערנינפטיגע איבערלעגונג אדער שלוס-ציהונג; א פערנינפטיגע זאך; א [פערנינפטיגע] אורזאכע אדער גרונד; דאס דענקען; א לאגישער אורטייל; דאס לאגישע דענקען; ארגומענטאציאן, בעשפרעכונג; אין לאגיק — די פרעמיסע אדער פאדערזאץ פון אן ארגומענט; דענקען, לאגיש דענקען אדער אורטיילען, ציהען לאגישע שליסע; בעשפרעכען, ארומרעדען, ריידען; בעטראכטען, ארגומענטירען, דעבאטירען; אנגעבען לאגישע גרינדע; איבערצייגען דורך ארגומענטען.
rea'sonable *a.* (ריע'-זנ-עבל) פערנינפטיג; מעסיג; ערטרעגליך.
Your request is **reasonable** and should be granted.
rea'sonable doubt (ריע'זנ-עבל דאוט) אין יוריספרודענץ — א צווייפעל וואס קען האבען א גרונד; א צושטאנד, ווען די פאקטען וואס זיינען אנגעגעבען געווארען פאר די געריכטס-געשווארענע זיינען ניט גענוג איבערצייגענד.
rea'sonableness *n.* (ריע'זנ-עבל-נעס) פערנינפטיגקייט; מעסיגקייט; ערטרעגליכקייט.
rea'sonably *adv.* (ריע'זנ-ע-בלי) אויף א פערנינפטיגען, מעסיגען אדער ערטרעגליכען אופן.
rea'son down (ריעזן דאון) בעזיעגען אימעצען מיט ארגומענטען.
rea'soned *a.* (ריעזנד) 1. דורכגעשטודירט; 2. פארזיכטיג דורכגעטראכט אדער איבערלעגט; 3. לאגיש.
2. They agreed upon a well **reasoned** plan. 3. The judge delivered a **reasoned** opinion.
rea'soner *n.* (ריע'זנ-ער) א פארשער, א נאכדענקער, א דענקער.
rea'soning *n.* (ריע'זנ-אינג) דאס דענקען, דאס אורטיילען מיט פערנונפט; ארגומענטאציאן, לאגישע בעווייזע.
rea'soning pow'er (ריע'זנ-אינג פאו'-ער) אורטיילס-קראפט, דענקונגס-קראפט.
The lawyer's argument shows a remarkable **reasoning power**.
rea'sonless *a.* (ריע'זנ-לעס) אונפערנינפטיג, וואס האט ניט קיין זין אדער בערעכטיגונג.
rea'son of state (ריעזן אוו סטייט) א פאליטישער גרונד פון א רעגיערונגס-טהעטיגקייט, וועלכער קען ניט פערעפענטליכט ווערען.
rea'son out (ריעזן אוט) דורכטראכטען, איבערלעגען, לאגיש דורכדענקען אדער דורכדיסקוטירען.
rea'son-piece *n.* (ריע'זנ-פיעס) א זיי-

טעז=קלאץ אונטער די באלקענס פון א הויז.

reassem′blage *n.* (רי-ע-סעמ′-בלעדזש) א ווידער=פערזאמלונג, דאס פערזאמלען זיך אדער זיך צוזאמענקומען פון דאס ניי.

reassem′ble *v.* (רי-ע-סעמ′בל) ווידער צוזאמענבריינגען; זיך צוזאמענקומען פון דאס ניי.

reassert′ *v.* (רי-ע-סוירט′) ווידער בעהויפטען; ווידער ערקלערען אדער בעשטעהן אויף עפעס.

reasser′tion *n.* (רי-ע-סויר′-שאן) דאס ווידער בעהויפטען, דאס בעשטעהן אויף עפעס פון דאס ניי.

reassess′ *v.* (רי-ע-סעס′) ווידער בעשטייערען, ווידער ארויפלעגען שטייערען.

reassess′ment *n.* (רי-ע-סעס′-מענט) א בעגייטע אדער ווידערהאלטע בעשטייערונג.

reassign′ *v.* (רי-ע-סאין′) ווידער אנווייזען, צוריק איבערווייזען; ווידער בעשטימען; צוריק אבטרעטען, צוריק איבערטראגען.

reassign′ment *n.* (רי-ע-סאינ′-מענט) דאס איבערווייזען צוריק, דאס צוריק אבטרעטען אדער איבערטראגען; א ווידער=בעשטימונג.

reassim′ilate *v.* (רי-ע-סימ′-אי-לייט) ווידער אסימילירען, אויסמישען, אריינעהמען אין זיך אדער גלייך מאכען; ווידער פערדייהען אדער פערוואנדלען אין אן אנדער שטאף.

reassimila′tion *n.* (רי-ע-סים-אי-ליי′-שאן) די ווידער=אסימילירונג; דאס אסימילירען, גלייך מאכען, אויסמישען אדער פערדייהען אויפס=ניי.

reassume′ *v.* (רי-ע-סיום′) ווידער אננעהמען אדער מאכען א השערה; ווידער אויפנעהמען אדער נעהמען אויף זיך.

reassump′tion *n.* (רי-ע-סאמפ′-שאן) דאס צוריק אננעהמען אדער נעהמען אויף זיך; דאס צוריק אננעהמען אלס השערה.

reassur′ance *n.* (רי-ע-שוהר′-ענס) א ווידער=פערזיכערונג; דאס אומקעהרען דעם מוטה אדער זיכערהייט; איבער=אסעקורירונג [ז. *reinsurance*].

reassure′ *v.* (רי-ע-שוהר′) 1. ווידער פערזיכערען; צוריק ערמוטיגען אדער אומקעהרען די זיכערהייט; 2. איבער=אסעקורירען.

1. The doctor **reassured** the family of the patient.

reassur′er *n.* (רי-ע-שוהר′-ער) איינער וואס פערזיכערט אויפס=ניי; איינער וואס קעהרט אום דעם מוטה אדער די זיכערהייט; איינער וואס אסעקורירט איבער אדער נעהמט איבער די ריזיקע פון א פערזיכערונג [אסעקוראנץ].

reassur′ingly *adv.* (רי-ע-שוהר′-אינג-לי) ווידער=פערזיכערענדיג; אויפס=ניי ערמוטיגענדיג; אומקעהרענדיג דעם מוטה אדער די זיכערהייט.

reast *v.* (ריעסט) [אויף פלייש] טריקענען דער זון אדער אין אן אויווען].

reas′ted *a.* (ריעס′-טעד) טוכלע, ביטערליך, פערשימעלט.

reas′ty *a.* (ריעס′-טי) ז. *reasted*.

rea′ta *n.* (רי-א′-טא) אין דרום=אמעריקא — א מין ארקאן צו כאפען בהמות און חיות.

reattach′ *v.* (רי-ע-טעטש′) ווידער בעהעפטען, ווידער צובינדען אדער בעפעסטיגען; פון דאס ניי ארויפלעגען אן ארעסט.

reattach′ment *n.* (רי-ע-טעטש′-מענט) דאס ווידער בעהעפטען, פערבינדען אדער בעפעסטיגען; דאס צוריק פערהאלטען; דאס ארויפלעגען אן ארעסט פון דאס ניי.

reattain′ *v.* (רי-ע-טיין′) ווידער ערייכען.

reattain′ment *n.* (רי-ע-טיינ′-מענט) די ווידער=דערגרייכונג.

reattempt′ *v.* (רי-ע-טעמפּט′) מאכען אויפס=ניי א פערזוך; ווידער פּרובירען.

reave *v.* (ריעוו) אוועקנעהמען, אוועקרייסען, אוועקרויבען.

reavow′ *v.* (רי-ע-וואו′) ווידער ערקלערען.

reawake′ *v.* (רי-ע-הווייק′) ווידער אויפוועקען.

rebap′tism *n.* (רי-בעפּ′-טיזם) די ווידער=טויפע.

rebap′tist *n.* (רי-בעפּ′-טיסט) איינער וואס טויפט ווידער; א ווידער=געטויפטער.

rebaptiza′tion *n.* (רי-בעפּ-טי-זיי′-שאן) דאס ווידער=טויפען.

rebaptize′ *v.* (רי-בעפּ-טאיז′) ווידער אמאל טויפען, טויפען פון דאס ניי; צוגעבען א נייעם נאמען [ביים ווידער=טויפען].

rebapti′zer *n.* (רי-בעפּ-טאי′-זער) א ווידער=טויפער, איינער וואס טויפט נאך אמאל.

rebate′ *n.* and *v.* (רי-בייט′) אן אבצוג, א ראבאט; אן אויסשניט ווי א רינע אין האלץ אדער אין אן אנדער מאטעריאל וואס ווערט געמאכט צו פערבינדען צוויי טיילען; א זארט הארטער שטיין וואס ווערט בענוצט צום פלאסטערען גאסען; א האלץ=קלעצעל וואס ווערט בעפעסטיגט צו א הענטעל צו שטויסען וואפנע; אויסהובלען אדער אויסשניידען א רינע.

reba′ted *a.* (רי-ביי′-טעד) טעמפּ, שטומפּף; קורץ אבגעשניטען [וועגען א צייכען אויף א וואפען אדער שילד, בעזאנדערס וועגען א קרייץ].

rebate′ment *n.* (רי-בייט′-מענט) אן אבצוג, א ראבאט; דאס מאכען אדער דאס זיין טעמפּ אדער שטומפּף; אן אבשניידונג אדער אבקירצונג פון א צייכען [ווי א קרייץ] אויף א וואפען אדער שילד; א פערשמעלערונג, א פערקירצונג.

Rebec

re′bec *n.* (רי′-בעק) א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס ווערט גערעכענט אלס די ערשטע פארם פון א וויאלין [פיעדעל].

re′beck *n.* (רי′-בעק) ז. *rebec*.

reb′el *n.* and *a.* (רעב′-על) א רעבעל, אן אויפריהרער, א מיאטעזשניק, א בונטאוושטשיק; וואס רעבעלירט, וואס בונטעוועט, וואס מאכט אן אויפשטאנד.

rebel′ *v.* (רי-בעל′) רעבעלירען, בונטעווען, רעוואלטירען, מאכען אן אויפשטאנד.

rebel′lion *n.* (רי-בעל′-יאן) א רעבעליאן, אן אויפרוהר, אן אויפשטאנד, א מיאטעזש, א בונט.

rebel′lious *a.* (רי-בעל′-יאס) רעבעליש, אויפריהרעריש, מיאטעזשנע; ווידערשפּענסטיג; וואס האט א ווידערשטאנד, וואס איז שווער צו בעארבייטען.

rebel′liously *adv.* (רי-בעל′-יאס-לי) אויף א רעבעלישען אופן; רעבעלירענדיג; ווידערשפּענסטיג.

rebel′liousness *n.* (רי-בעל′-יאס-נעס) דאס זיין רעבעליש אדער אויפריהרעריש.

rebel′low *v.* (רי-בעל′-או) אבקלינגען אדער אבהילכען צוריק ווי מיט א רעווען פון אן אקס, אבענטפערען מיט א הויכען ווידער=קול.

rebirth′ *n.* (רי-בוירטה′) די ווידער=געבורט; א ווידער=אויפלעבונג.

rebite′ *v.* (רי-באיט′) טיעפער מאכען דורך א כעמישע זויערע אבגעריבענע ליניען אדער צייכנונגען אין גראווירטען מעטאל.

rebi′ting *n.* (רי-באי′-טינג) דאס מאכען טיעפער אבגעריבענע ליניען אדער צייכנונגען אין גראווירטען מעטאל.

rebloom′ *v.* (רי-בלוהם′) נאך אמאל בליהען, ווידער אויפבליהען.

reblos′som *v.* (רי-בלאס′-אם) ז. *rebloom*.

reboa′tion *n.* (רעב-א-איי′-שאן) דאס אבקלינגען פון א הויכען קלאנג; א ווידער=קלאנג, א ווידער=קול.

reboil′ *v.* (רי-באיל′) איבערקאכען, קאכען נאך אמאל.

reboise′ *v.* (רי-באיז′) לאזען צוריק בעוואקסען מיט וואלד, צוריק בעפלאנצען מיט בוימער.

reboise′ment *n.* (רי-באיז′-מענט) דאס צוריק בעפלאנצען מיט בוימער.

reborn′ *a.* (רי-באהרן′) פון דאס ניי געבארען.

rebound′ *v.* and *n.* (רי-באונד′) אבשפּרינגען צוריק [ווי א צונויפגעדריקטע פּרוזשינע]; צוריק פאלען; צוריק ווארפען; אבקלינגען מיט א ווידער=קול; דאס אבשפּרינגען צוריק; דאס צוריקגעווארפען ווערען; אן אבקלאנג, א ווידער=קול.

rebo′zo *n.* (רע-באו′-זאו) אזא ברייטע לאנגע שאל, וואס ווערט געטראגען פון די פרויען אין די שפּאנישע געגענדען פון אמעריקא, ווי אין מעקסיקא א. ד. ג.

rebrace′ *v.* (רי-בריים′) בעניייען די קרעפטען; ווידער פערשטארקען.

rebreathe′ *v.* (רי-בריעטה′) ווידער אטהעמען; צוריק ווידער איינאטהעמען.

rebuff′ *v.* and *n.* (רי-באף′) צוריקשטויסען, צוריקווארפען; צוריקווייזען; גראב ענטזאגען; גראב אבענטפערען; א צוריקשטויסונג, א צוריקווארפונג; א צוריקווייזונג; א גראבע ענטזאגונג; א גראבער ענטפער.

rebuild′ *v.* (רי-בילד′) ווידער אויפבויען; צוריק אויפשטעלען; איבערבויען.

We are planning to **rebuild** our synagogue.

rebuil′der *n.* (רי-ביל′-דער) א ווידער=אויפבויער, איינער וואס בויט אויף צוריק.

rebu′kable *a.* (רי-ביו′-קעבל) טאדלונגסווערטה, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

rebuke′ *v.* and *n.* (רי-ביוק′) טאדלען, פארווירפע מאכען, אויסזידלען; א טאדעל, א פארוואורף; א בעשטראפונג; א קלאפּ.

rebuke′ful *a.* (רי-ביוק′-פול) טאדעלהאפט.

rebuke′fully *adv.* (רי-ביוק′-פול-אי) מיט טאדעל, מיט פארווירפע.

rebu′ker *n.* (רי-ביו′-קער) א טאדלער.

rebu′kingly *adv.* (רי-ביו′-קינג-לי) מיט טאדעל, מיט פארווירפע.

rebur'y *v.* (רי-בער'-אי) פון דאס ניי בעגראבען, ווידער בעגראבען.

re'bus *n. and v.* (רי'-באס) א רעבוס, א בילדער=רעטעניש, א רעטעניש מיט בילדער; א צייכנונג אויף א וואפען אדער שילד וואס בעשטעהט פון א בילד מיט א ווארט, וועלכע ביידע צוזאמען דריקען אוים א נאמען; א זאץ וואס בעשטעהט פון בילדער מיט ווערטער [די בילדער ווערען געלעזען ווי ווערטער]; פארשטעלען דורך א רעבוס, בעצייכענען דורך א רעבוס.

rebut' *v.* (רי-באט') צוריקשטויסען, צוריקווייזען, אבזאגען; צוריקשלאגען; אבשלאגען א בעווייז דורך א געגען=בעווייז; פארברייננען אן אבשלאגענדען בעווייז.

rebut'table *a.* (רי-באט'-עבל) וואס קען צוריקגעשטויסען ווערען; וואס קען צוריקגעוויזען אדער אבגעזאגט ווערען; וואס קען אבגעשלאגען ווערען דורך א געגען=בעווייז.

rebut'tal *n.* (רי-באט'-על) א געגענבעווייז פון אן אנגעקלאגטען אבצושלאגען א בעווייז וואס איז געבראכט געגען איהם; א צוריקשטויסונג; א צוריקווייזונג, אן אבזאג.

rebut'ter *n.* (רי-באט'-ער) א געגענענטפער, אן אבשלאגענדער בעווייז; א צוריקווייזונג.

recal'citrance *n.* (רי-קעל'-סי-טרענס) ווידערשטרעבונג, דאס ניט וועלען אונטערגעבען זיך; ווידערשפענסטיגקייט.

recal'citrant *a.* (רי-קעל'-סי-טרענט) ווידערשטרעבענד, וואס וויל זיך ניט אונטערגעבען, ווידערשפענסטיג.

recal'citrate *v.* (רי-קעל'-סי-טרייט) ווידערשטרעבען, זיך ניט וועלען אונטערגעבען; זיין ווידערשפענסטיג.

recalcitra'tion *n.* (רי-קעל-סי-טריי'-שאן) ווידערשטרעבונג, דאס ניט וועלען זיך אונטערגעבען, ווידערשפענסטיגקייט.

recalesce' *v.* (רי-קע-לעס') ווידער הייס ווערען; אנגעגליהט ווערען, דערגרייכען א צושטאנד פון גליהונג.

recales'cence *n.* (רי-קע-לעס'-ענס) דאס ווידער אויפגליהען [ווי ביי א וויים גליהענדען אייזען, ווען עם קיהלט זיך אב ביז 1000 גראד, פאנגט עם אן אויף א ווײלע ווידער צו גליהען מיט א נאך ווייסערער גלוטה].

recall' *v. and n.* (רי-קאהל') צוריקרופען, אברופען; אבשאפען; ווידעררופען; צוריקרופען א געוועהלטען בעאמטען פון זיין אמט דורך פאלקס=אבשטימונג; צוריקברייננען; זיך דערמאהנען, ברייננען צוריק אין געדאנק; אן אברוף; א ווידעררוף; א צוריקרופונג; א צוריקברייננונג; דאס צוריקרופען א געוועהלטען בעאמטען פון זיין אמט דורך א פאלקס=אבשטימונג; א צוריקרופונגס=סיגנאל.

recall'able *a.* (רי-קאהל'-עבל) וואס קען צוריקגערופען ווערען, וואס קען אבגערופען ווערען.

recall' of judg'es (רי-קאהל' אוו דזשאדזש'-עז) דאס צוריקרופען די וואהל פון א ריכטער [דאס רעכט פון פאלק אראבצוווארפען א געוועהלטען ריכטער פון זיין אמט, ווען מען איז מיט איהם ניט צופריעדען].

recall' of judi'cial deci'sions (רי-קאהל' אוו דזשו-דיש'-על די-סיזש'-אנז) די צוריקרופונג פון א געריכטליכער ענטשיידונג דורך א פאלקס=אבשטימונג [ווי למשל, ווען א ריכטער ענטשיידעט, אז א געוויסער דורכגעפיהרטער געזעץ איז ניט קאנסטיטוציאנעל, און די פאלקס=אבשטימונג איז מבטל דיזען ענטשיידונג].

recall' to life (רי-קאהל' טו לאיף) צוריקרופען צום לעבען, ווידער צום לעבען ברייננען.

recant' *v.* (רי-קענט') ווידעררופען, צוריקציהען, צוריקנעהמען [א ווארט, א מיינונג א. ד. ג.].

The heretic refused to **recant** his belief.

recanta'tion *n.* (רי-קען-טיי'-שאן) די ווידעררופונג, די צוריקציהונג, די צוריקנעהמונג [פון ווערטער, פון א מיינונג א. ד. ג.].

recan'tatory *a.* (רי-קענ'-טע-טא-רי) ווידעררופענד, צוריקציהענד, צוריקנעהמענד.

recan'ter *n.* (רי-קענ'-טער) א ווידעררופער, א צוריקציהער.

recapac'itate *v.* (רי-קע-פעס'-אי-טייט) ווידער מאכען אימעצען אים שטאנד [עפעס צו טהאן].

recap'italize *v.* (רי-קעפ'-אי-טעל-איז) פון דאס ניי קאפיטאליזירען, פערגרעסערען אדער בעניייען דעם קאפיטאל.

recapit'ulate *v.* (רי-קע-פיטש'-יו-לייט) רעזומירען די הויפט=פונקטען, וויעדערהאלען, איבער'חזר'ען דעם גרונד=געדאנק; ווידערהאלען אין קורצען וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapitula'tion *n.* (רי-קע-פיטש-יו-ליי'-שאן) א ווידערהאלונג פון די הויפט=פונקטען, א ווידערהאלונג אין קורצען פון דעם וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapit'ulative *a.* (רי-קע-פיטש'-יו-לײ-טיוו) ווידערהאלענד די הויפט=פונקטען, רעזומירענד, איבערחזר'ענד אין קורצען וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapit'ulator *n.* (רי-קע-פיטש'-יו-לײ-טאר) איינער וואס ווידערהאלט אין קורצען.

recapit'ulatory *a.* (רי-קע-פיטש'-יו-לײ-טא-רי) וואס דיענט אלס ווידערהאלונג; וואס ענטהאלט א קורצע ווידערהאלונג.

recap'tion *n.* (רי-קעפ'-שאן) די צוריקנעהמונג, די צוריקפערכאפונג; דאס אבנעהמען צוריק עטוואס וואס איז פון איינעם אונגערעכטליך פערכאפט געווארען.

recap'tor *n.* (רי-קעפ'-טאר) איינער וואס נעהמט אב צוריק, איינער וואס פערכאפט צוריק; איינער וואס נעהמט אב צוריק א געפאנגענע שיף אדער פערכאפטעם פערמעגען.

recap'ture *v. and n.* (רי-קעפ'-טשור) צוריק אבנעהמען, צוריק פערכאפען; צוריק אבנעהמען א געפאנגענע שיף אדער פערכאפטעם פערמעגען; צוריקנעהמונג, צוריקפערכאפונג; די צוריקנעהמונג פון א געפאנגענער שיף אדער פון פערכאפטען פערמעגען; דאס צוריקגענומענע פערמעגען; א צוריקאבגענומענע געפאנגענע שיף.

recarburiza'tion *n.* (רי-קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס דערלעגען דעם קויהלען=שטאף וואס איז פריהער אבגענומען געווארען [ווי דאס ווערט געטהאן אין דער פאבריקאציאן פון שטאהל און אייזען].

recar'burize *v.* (רי-קאר'-ביו-ראיז) צוריק דערלעגען דעם קויהלען=שטאף וואס איז פריהער אבגענומען געווארען [ווי דאס ווערט געטהאן אין דער פאבריקאציאן פון שטאהל און אייזען].

recar'nify *v.* (רי-קאר'-ני-פאי) וויעדער פערוואנדלען אין פלייש.

recar'riage *n.* (רי-קער'-עדזש) דאס צוריקטראגען; דאס ווידערטראגען, דאס ווידערפערפיהרען.

recar'ry *v.* (רי-קער'-אי) צוריקטראגען; ווידער טראגען.

recast' *v. and n.* (רי-קעסט') ווידער ווארפען; איבערשמעלצען; איבערמאכען, אומענדערען, אומפארמירען; איבעררעכענען, ווידער בערעכענען; אן אומשמעלצונג; אן אומענדערונג, אן אומפארמירונג, א מאדיפיקאציאן.

recede' *v.* (רי-סיד') צוריקווייכען, צוריקטרעטען; זיך צוריקציהען; אבטרעטען.

The United States will not **recede** from its position in regard to Asiatic immigration.

receipt' *n. and v.* (רי-סיט') עטוואס וואס ווערט ערהאלטען, דאס ערהאלטענע; אן עמפפאנג, א קבלה, דאס ערהאלטען, דאס בעקומען; א קוויטאנציע, א קוויטונג, א קבלה=צעטעל; הכנסה, איינגאהמע; א רעצעפט אדער פארשריפט ווי עטוואס דארף געמאכט ווערען; געבען א קוויטונג אדער א קבלה=צעטעל; קוויטירען.

receipt'able *a.* (רי-סיט'-עבל) פאר וואס עס קען ארויסגעגעבען ווערען א קוויטאנציע אדער א קבלה=צעטעל.

receipt'-book *n.* (רי-סיט'-בוק) א קוויטונגס=בוך; א רעצעפט=בוך.

receipt'or *n.* (רי-סיט'-אר) איינער וואס גיט א קוויטאנציע אדער א קבלה=צעטעל; איינער וואס בעקומט צוריק אויף א קוויטאנציע זיינע זאכען, וועלכע מען האט ביי איהם געזעצליך אבגענומען אדער ארויפגעלעגט אן ארעסט מיט דער בעדינגונג, אז ער וועט זיי צושטעלען צוריק צו יעדער צייט ווען מען וועט עס פון איהם פערלאנגען.

receivabil'ity *n.* (רי-סיו-וע-ביל'-אי-טי) אננעהמבארקייט; אויפנעהמבארקייט; דאס קענען ערהאלטען ווערען.

recei'vable *a.* (רי-סיע'-וועבל) 1. אננעהמבאר, אנצונעהמען, אויפצונעהמען; 2. וואס קען אדער דארף ערהאלטען ווערען; 3. וואס דארף בעצאהלט ווערען אדער קוויטירט ווערען.

red'dish *a. and n.* (רעד'-איש) רויט=ליך; א רויטער קאליר.

red'dishness *n.* (רעד'-איש-נעס) רויטליכקייט.

reddi'tion *n.* (רע-דיש'-אן) די אומ=קעהרונג; די צוריקגעבונג; די אונטערגע=בונג, דאס אונטערגעבען זיך; די ערקלע=רונג.

red'ditive *a.* (רעד'-אי-טיוו) צוריקגע=בענד, אומקעהרענד; ערווידערענד, ענט=פערנד.

red'dle *n.* (רעדל) רויטער קרייד [א מין רויטער ווייכער אייזען=ערץ וואס ווערט בענוצט צו מאכען צייכענס אויף האלץ, צו מאכען סמנים אויף שעפסען א. ד. ג.].

redeem' *v.* (רי-דיעם') בעפרייען, ער=לעזען [פון זינד], מכפר זיין, אויסלע=זען [פון געפענגנים]; רעטען; ארויס=נעהמען, אויסלעזען [ווי א משכון]; בע=גיטיגען, מטיב זיין פאר א שאדען; גוט מאכען, ערפילען [א הבטחה].

redeemabil'ity *n.* (רי-דיע-מע-ביל'-אי-טי) ז. *redeemableness*.

redee'mable *a.* (רי-דיע'-מעבל) אויס=לעזליך, אויסקויפליך, וואס קען אויסגע=לעזט ווערען.

redee'mableness *n.* (רי-דיע'-מעבל-נעס) אויסלעזליכקייט, אויסקויפליכקייט, די מעגליכקייט אויסצולעזען אדער צו רע=טען.

redee'mer *n.* (רי-דיע'-מער) אן אויס=לעזער, א רעטער, א בעפרייער, אן ער=לעזער.

redee'ming *a.* (רי-דיע'-מינג) 1. וואס קען מכפר זיין; וואס קען אויסלעזען; 2. מילדערענד.

2. There is not a single **redeeming** feature in the scheme.

redeem'less *a.* (רי-דיעמ'-לעס) וואס קען ניט אויסגעלעזט ווערען; וואס קען ניט געהאלפען ווערען; וואס מען קען ניט בעקומען צוריק.

redelib'erate *v.* (רי-די-ליב'-ע-רייט) ווידער איבערדענקען, ווידער נאכדענקען.

redeliv'er *v.* (רי-די-ליוו'-ער) אבשיקען צוריק; אומקעהרען צוריק צו דעם שיקער; בעפרייען א צווייטען מאל; בעריכטען; ווידערהאלען.

redeliv'erance *n.* (רי-די-ליוו'-ער-ענס) די ווידער=בעפרייאונג; די צוריק=ליפערונג, דאס צוריק=אבגעבען, דאס צוריק=אבשיקען.

redeliv'ery *n.* (רי-די-ליוו'-ער-אי) די צוריק=ליפערונג, די צוריק=אבגעבונג; די ווידער=איבערגעבונג; די ווידער=בעפרייאונג.

redemand' *v. and n.* (רי-די-מענד') צוריקפאדערען; דאס פאדערען א צווייטען מאל; די צוריק=פאדערונג.

redeman'dable *a.* (רי-די-מענ'-דעבל) וואס מען קען פאדערען צוריק; וואס מען קען פאדערען א צווייטען מאל.

redemise' *v. and n.* (רי-די-מאיז') צוריק איבערגעבען, צוריק איבערטראגען אויף דעם נאמען פון פריהערדיגען אייגענטימער [וועגען לאנד אדער א הויז]; דאס איבערגעבען אדער איבערטראגען צוריק לאנד אדער הייזער אויף דעם נאמען פון פריהערדיגען אייגענטימער.

redemon'strate *v.* (רי-די-מאנ'-סטרייט) ווידער בעווייזען; ווידער דעמאנסטרירען.

redemp'tible *a.* (רי-דעמפ'-טיבל) ז. ***redeemable***.

redemp'tion *n.* (רי-דעמפ'-שאן) די אויסלעזונג; די אויסקויפונג; די בעפרייאונג; דאס רעכט צוריק אויסצוקויפען; די צוריקצאהלונג [פון א חוב אדער אבליגאציאן]; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די אויסלעזונג פון דער נשמה פון זינד דורך די אבקומענישען פון יעזוס קריסטוס.

redemp'tionary *n.* (רי-דעמפ'-שאנ-ע-רי) איינער וואס איז אויסגעלעזט אדער אויסגעקויפט געווארען, איינער וועמען מען קען אויסקויפען אדער אויסלעזען; איינער וואס האט זיך אויסגעקויפט אדער קען זיך אויסקויפען פון א חוב אדער אבליגאציאן.

redemp'tioner *n.* (רי-דעמפ'-שאנ-ער) איינער וואס האט אבגעצאהלט פאר זיין רייזע אויף א שיף מיט ארבייט, וואס ער האט אויף איהר געטהאן.

redemp'tionist *n.* (רי-דעמפ'-שאנ-איסט) א טריניטאריער. ז. ***Trinitarian***.

redemp'tive *a.* (רי-דעמפ'-טיוו) וואס דיענט אויסצולעזען אדער אויסצוקויפען; אויסלעזענד, בעפרייענד.

Redemp'torist *n.* (רי-דעמפ'-טאר-איסט) א רעדעמפטאריסט [א מיטגליעדער פון א געוויסען קאטוילישען מיסיאנס ארדען, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1732 אין נעאפעל און וועלכער שטעהט אין פערבינדונג מיט די יעזואיטען].

redemp'tory *a.* (רי-דעמפ'-טא-רי) צום אויסלעזען, צום אויסקויפען; בעפרייענד, אויסלעזענד.

reden'ted *a.* (רי-דענ'-טעד) פארמירט ווי די צייהנער פון א זעג.

redepos'it *v.* (רי-די-פאז'-איט) צוריק אוועקלעגען [ווי געלד אין א באנק]; ווידער אבשטעהן [ווי הייוועז אויף'ן דעק].

redescend' *v.* (רי-די-סענד') ווידער אראבשטייגען.

redescent' *n.* (רי-די-סענט') די ווידער=אראבשטייגונג, די ווידער אראבפאלונג.

redescribe' *v.* (רי-דעס-קראיב') ווידער בעשרייבען, פון דאס ניי בעשרייבען.

redeter'mine *v.* (רי-די-טויר'-מין) ווידער בעשטימען.

redevel'op *v.* (רי-די-וועל'-אפ) זיך ווידער ענטוויקלען; נאך אמאל ענטוויקלען [ווי א פאטאגראפישע פלאטע אום צו פערשטארקען דאס בילד].

redevel'opment *n.* (רי-די-וועל'-אפ-מענט) דאס נאך אמאל ענטוויקלען [וועגען פאטאגראפישע פלאטען].

red'eye *n.* (רעד'-אי) דאס רויט=אויג [א פיש מיט רויטע אויגען, ווי למשל, די פלעצע. ז. ***rock-bass***]; דאס רויט=אויגיגע ווירעא [אזא גרינער אמעריקאנער פויגעל מיט רויטע אויגען]; אזא פייעריג שטארקער בראנפען [פון וועלכען עס ווערען רויט די אויגען].

red'-eyed *a.* (רעד'-איד) רויט=אויגיג; וואס האט רויטע אויגען.

red'-eyed vir'eo (רעד'-איד וויר'-אי-או) דאס רויט=אויגיגע ווירעא [אזא אמעריקאנער פויגעל מיט רויטע אויגען]. ז. איל. ***"Birds of the U. S."***

red'-fight'er *n.* (רעד'-פאיט'-ער) ז. ***bullfinch***.

red'-fig'ured *a.* (רעד'-פיג'-יורד) מיט רויטע פיגורען [וועגען געוויסע גריכישע וואזען].

red'fish *n.* (רעד'-פיש) דער רויט=פיש [א נאמען פאר פערשיעדענע פיש פון רויטליכען קאליר, בעזאנדערס פאר א געוויסען זארט לאקס].

red fox (רעד פאקס) דער רויטער פוקס.



Red Fox

red'-green *a.* (רעד'-גריען) רויט=גרין, פון רויט=גרינעם קאליר.

red'-gum *n.* (רעד'-גאם) אזא אויסשלאג אויף'ן קערפער ביי קינדער [ז. ***strophulus***]; א מין קראנקהייט ביי תבואה; אזא רויטליכער גומי זאפט וואס ווערט ערהאלטען פון געוויסע בוימער; דער קינא=גומי=בוים [ז. ***red-gum tree***].

red'-gum tree (רעד'-גאם טריע) דער קינא=גומי=בוים [אזא אויסטראלישער בוים פון וועלכען עס ווערט ערהאלטען א רויטליכער גומי=זאפט].

red'-haired *a.* (רעד'-העהרד) רויט=האריג, מיט רויטע האר.

red'-han'ded *a.* (רעד'-הענ'-דעד) מיט בלוטיגע הענד, וואס האט פערגאסען בלוט; נעכאפט ביי דער האנד; געכאפט ביים פערברעכען.

red'head *n.* (רעד'-העד) א רויט=קעפיגער, א פערזאן מיט רויטע האר; א רויט=קעפיגע ענטעל; דער רויט=קאפ [אזא פויגעל]; אזא טראפישעס מילך=גראז מיט העל=רויטע בלימעלעך.

red'-head'ed *a.* (רעד'-העד'-עד) רויט=האריג; רויט=קעפיג.

redhibi'tion *n.* (רעד-הי-ביש'-אן) דאס מבטל זיין א מסחר אדער דאס צווינגען דעם פערקויפער צו נעהמען צוריק זיין סחורה צוליעב געפונענע חסרונות אדער צוליעב אבנארעריי.

redhib'itory *a.* (רעד-היב'-אי-טא-רי) וואס איז שייך צו מבטל זיין א מסחר. ז. ***redhibition***.

red'-hot *a.* (רעד'-האט) 1. רויט=גליהענד, רויט ווי פייער; 2. פייערדיג, ברענענד.

2. He delivered a **red-hot** political speech.

redigest' *v.* (רי-די-דזשעסט') ווידער איינארדנען, אויף דאס ניי בריינגען אין א סיסטעמאטישער ארדנונג; נאך אמאל פערדייהען; נאך אמאל נאכדענקען.

redimin'ish *v.* (רי-די-מינ'-איש) ווידער פערקלענערען.

red'ingote *n.* (רעד'-אינ-גאוט) אזא צוויי=בארטיגער ראק.

redin'tegrate *v. and a.* (רע-דינ'-טי-גרייט) ווידער גאנץ מאכען, ווידער פערבינדען, ווידער הערשטעלען, ווידער אויפבויען, ווידער בריינגען אין א גוטען צושטאנד; בענייען; גאנץ געמאכט, צורעכט געמאכט פון דאס ניי; בענייט.

redintegra'tion *n.* (רע-דינ-טי-גריי'-שאן) די ווידער=אויפבויאונג, די ווידער=הערשטעלונג; די ווידער=פערבינדונג; דאס ווידער=בריינגען אין א גוטען צושטאנד; אין כעמיע — דאס בריינגען צוריק אין דעם פריהערדיגען נאטורלעכען צושטאנד [וועגען שטאפען וועלכע ווערען געמישט איינער מיט דעם אנדערען]; אין פסיכאלאגיע — די טענדענץ פון גייסט ארויפצובריינגען אויף'ן זכרון אלע איבערלעבונגען פון א געוויסען פסיכישען צושטאנד, ווען איין טייל פון דיעזען צושטאנד האט זיך ווידער געטראפען.

redirect' *v.* (רי-די-רעקט') אומאדרעסירען, פון דאס ניי אדרעסירען.

The letter was sent to' Boston and from there **redirected** to New York.

redisburse' *v.* (רי-דיס-בוירס') צוריקצאהלען.

rediscov'er *v.* (רי-דיס-קאוו'-ער) ווידער ענטדעקען, פון דאס ניי ענטדעקען.

rediscov'erer *n.* (רי-דיס-קאוו'-ער-ער) איינער וואס ענטדעקט פון דאס ניי.

rediscov'ery *n.* (רי-דיס-קאוו'-ער-אי) די ווידער=ענטדעקונג.

redispose' *v.* (רי-דיס-פאוז') ווידער איינריכטען, ווידער בריינגען אין ארדנונג; איינטיילען פון דאס ניי.

redisposi'tion *n.* (רי-דיס-פא-זיש'-אן) דאס איינריכטען אדער איינארדנען פון דאס ניי.

redissolu'tion *n.* (רי-דיס-א-ליו'-שאן) א ווידער=אויפלעזונג; דאס ווידער צוגעהן אדער פאנאנדערגעלאזען ווערען.

redissolve' *v.* (רי-די-זאלוו') ווידער אויפלעזען, ווידער שמעלצען, ווידער צוגעהן.

redistil' (רי-דיס-טיל') ווידער דיסטילירען, פון דאס ניי דיסטילירען.

redistrib'ute *v.* (רי-דיס טריב'-יוט) פון דאס ניי אויסטיילען; וויעדער פערטיילען.

redistribu'tion *n.* (רי-דיס-טרי-ביו'-שאן) די וויעדער־פערטיילונג.

redis'trict *v.* (רי-דיס'-טריקט) פון דאס ניי איינטיילען אין בעצירקען אדער דיסטריקטען; איינטיילען אין נייע וואהל־דיסטריקטען.

redis'tricting *n.* (רי-דיס'-טריק-טינג) דאס איינטיילען אין נייע וואהל־בעצירקען אדער דיסטריקטען.

redivide' *v.* (רי-די-וואיד') וויעדער צוטיילען, פון דאס ניי צוטיילען.

redivi'vus *a.* (רעד-אי-וואי'-וואס) וויעדער אויפגעלעבט.

red June plum (רעד דזשוהן פלאם) אזא רויטע אמעריקאנער פלוים. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

red lead (רעד לעד) רויט־בליי [א צובריייטונג פון בליי וואס ווערט געברויכט אין פארבען].

red'-legged *a.* (רעד'-לעגד) רויט־פיסיג.

red'-let'ter *a.* (רעד'-לעט'-ער) מיט רויטע בוכשטאבען; בעצייכענט מיט רויטע בוכשטאבען.

red'-let'ter day (רעד'-לעט'-ער דיי) א וויכטיגער קירכען פייערטאג, וואס איז בעצייכענט אין קאלענדאר מיט א רויטען בוכשטאב; א גליקס־טאג, א פריידען־טאג.

red'ly *adv.* (רעד'-לי) רויטליך, מיט א רויטען קאליר.

red'-met'al *n.* (רעד'-מעט'-על) רויט־מעטאל [א נאמען פאר פערשיעדענע מעטאל־פערבינדונגען אדער לעגירונגען, וועלכע ענטהאלטען אין זיך קופער].

red'mouth *n. and a.* (רעד'-מאוטה) דאס רויט־מויל [אזא פיש מיט א רויטען מויל]; וואס האט א רויט מויל.

red'-necked *a.* (רעד'-נעקט) וואס האט א רויטען האלז.

red'ness *n.* (רעד'-נעס) רויטקייט.

red'-nose *a.* (רעד'-נאוז) ז. *red-nosed*

red'-nosed *a.* (רעד'-נאוזד) רויט־נאזיג; וואס האט א רויטע נאז אדער א רויטען שנאבעל.

redo' *v.* (רי-דו') וויעדער מאכען, איבערמאכען, מאכען פון דאס ניי.

red'-oak *n.* (רעד'-אוק) די רויטע אייכע, די רויטע דעמבע [אזא זארט אייכען־בוים וועלכער געפינט זיך אין די אסטגעגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

red'olence *n.* (רעד'-א-לענס) אן אנגענעהמער אדער א געשמאקער ריח.

red'olency *n.* (רעד'-א-לענ-סי) ז. *redolence*

red'olent *a.* (רעד'-א-לענט) וואויל־ריכענד, וואס האט א געשמאקען ריח.

red'olently *adv.* (רעד'-א-לענט-לי) שמעקעדיג, ריכענדיג.

redoub'le *v.* (רי-דאב'ל) נאך אמאל דאפלען, פערדאפלען; זיך פערדאפלען; שטופענווייז פערגרעסערען; שטופענווייז זיך פערגרעסערען.

redoubt' *n.* (רי-דאוט') א רעדוט, א געשלאסענע פעסטונג; א בעפעסטיגונג.

redoub'table *a.* (רי-דאו'-טעבל) פורכטבאר, פירכטערליך, שרעקליך.

redoub'ted *a.* (רי-דאו'-טעד) ז. *redoubtable*

redound' *v. and n.* (רי-דאונד') צוריקפאלען; צוריקגעטריבען ווערען; זיך צוריקקייקלען; צוריקפליסען; בייטראגען, בייהעלפען; ארויסקומען אלס רעזולטאט; א צוריקפאלונג, א צוריקווארפונג, א צוריקקעהרונג; א רעזולטאט.

redout' *n. and a.* (רי-דאוט') א רעדוט, א געשלאסענע פעסטונג, א שאנצע, א בעפעסטיגונג; אויסגעבויגען אין פיעל ווינקלען [וועגען א צייכנונג אויף א וואפען אדער שילד, בעזאנדערס וועגען א קרייץ].

redou'table *a.* (רי-דאו'-טעבל) ז. *redoubtable*

red'owa *n.* (רעד'-א-א) א באהעמישער טאנץ, וועלכער איז עהנליך צו א וואלץ אדער פאלקא; די מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

red pep'per (רעד פעפ'-ער) דער רויטער פעפער.

Red pepper

red'poll *n.* (רעד'-פאול) דער האנף־פינק, דער פלאקס־פינק [אזא קליין פויגעלע מיט א רויטען קעפעל און א רויז־רויטער ברוסט].

redraft' *v. and n.* (רי-דרעפט') וויעדער צייכענען, פון דאס ניי צייכענען; א נאכאמאליגע צייכנונג אדער קאפיע; א ריק־וועקסעל [א וועקסעל וואס דער מלוה בעקומט אנשטאט דעם פראטעסטירטען וועקסעל און אויף וועלכען עס ווערען ארויפגעשריבען אויסער דער הלואה אויך די געריכטס־קאסטען].

redraw' *v.* (רי-דראה') איבער א נייעס צייכענען, וויעדער צייכענען; נעהמען א ריק־וועקסעל [א נייעם וועקסעל אנשטאט דעם פראטעסטירטען]. ז. *redraft*

red repub'lican (רעד רי-פאב'-לי-קען) א זעהר ראדיקאלער רעפובליקאנער [בעזאנדערס וועגען די עקסטרעמע רעפובליקאנער אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואלוציאן].

redress' *v. and n.* (רי-דרעס') צורעכט מאכען, וויעדער ברייגען אין ארדנונג, וויעדער גוט מאכען; אויסבעסערען; אויסגלייכען; אבשאפען א קריוודע; העלפען אימעצען קומען צו זיין רעכט; גוט מאכען אן עולה אדער אונרעכט; אומקליידען, איבערפוצען; דאס אויסבעסערען אן אונרעכט, דאס מאכען צוריק גוט, דאס אבשאפען א קריוודע; א בעפרידיגונג פאר אן אונרעכט.

redress'er *n.* (רי-דרעס'-ער) איינער וואס שאפט אב אן אונרעכט אדער א קריוודע, איינער וואס העלפט אימעצען צו קומען צו זיין רעכט.

redress'ible *a.* (רי-דרעס'-איבל) וואס קען אבגעהאלפען ווערען, וואס קען צוריק גוט געמאכט ווערען [וועגען אן איבעל אדער אן אונרעכט].

redress'less *a.* (רי-דרעס'-לעס) וואס קען ניט אבגעהאלפען ווערען, וואס קען ניט אויסגעבעסערט ווערען.

redress'ment *n.* (רי-דרעס'-מענט) דאס מאכען צוריק גוט, דאס אויסבעסערען אן אונרעכט, דאס אבשאפען א קריוודע אדער אן איבעל; א בעפרידיגונג פאר אן אונרעכט.

redrive' *v.* (רי-דראיוו') צוריקטרייבען; וויעדער טרייבען.

red'-roan *a.* (רעד'-ראון) פון קאשטאנאווע קאליר מיט א העל־רויטער שאטירונג.

red'root *n.* (רעד'-רוהט) די אמעריקאנישע זעקעל־בלום אדער ניו דזשוירזי'ער טהעע [א מין קוסט]; דער שטיין־זאמען [אזא גראז].

reds *n.* (רעדז) דאס מאנאטליכע אדער רעגעל [ביי פרויען]; עקסטרעמע ראדיקאלען, רעוואלוציאנערען.

red'shank *n.* (רעד'-שענק) דער רויט־פוס [אזא פויגעל מיט רויטע פים].

red'shanks *n.* (רעד'-שענקס) א פעראכטליכער נאמען פאר שאטלענדער און אירלענדער; דער ראבערט־קרייטיך [ז. *herb-robert*].

red'-short *a.* (רעד'-שאהרט) וואס ברעקעלט זיך, ווען אנגעברענט ביז רויט [וועגען אייזען און שטאהל].

red'skin *n.* (רעד'-סקין) א רויט־הויטיגער, א נארד־אמעריקאנישער אינדיאנער.

red snap'per (רעד סנעפ'-ער) אזא גרויסער, שעהנער ווערטהפאלער פיש. ז. איל. *"Fishes"*

red'start *n.* (רעד'-סטארט) דער רויט־עק [א מין פויגעל מיט א רויטען עק]. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

red'streak *n.* (רעד'-סטריעק) א מין רויט־געשטרייפטער עפעל; סידער [קוואס] פון דיעזען עפעל.

red stuff (רעד סטאף) אזא פאליר־פולווער. ז. *crocus*

red'tail *n. and a.* (רעד'-טייל) א רויט־עק [ז. *redstart*]; וואס האט א רויטען עק.

red tape (רעד טייפ) פארמאליזם, ביוראקראטיזם, קאנצעלארשטשינע [דער אויסדרוק שטאמט דערפון, וואס מען פלעגט אמאל אפיציעלע דאקומענטען ארומבינדען מיט רויטע שנירלעך].

red'-tape *a.* (רעד'-טייפ) פארמאליסטיש, ביוראקראטיש. ז. *red tape*

red'-taped *a.* (רעד'-טייפט) ז. *red-tape*

red'-ta'pism *n.* (רעד'-טיי'-פיזם) ז. *red tape*

red'-ta'pist *n.* (רעד'-טיי'-פיסט) א קאנצעלאריסט, א קלערק אין א רעגירונגס־אנשטאלט; א פארמאליסט, א ביוראקראט. ז. *red tape*

red'-thrush *n.* (רעד'-טהראש) ז. *redwing*

red'top *n.* (רעד'-טאפ) דער ווינדהאלם [אזא גראז וואס ווערט קולטיווירט פאר פיה־פיטערונג].

reduce' *v.* (רי-דיוס') רעדוצירען, אראבזעצען, פערקלענערען, פערמינדערען; אבשוואכען; אונטערדריקען, אונטערטעניג מאכען, אונטעריאכען; אין כירורגיע — ברייגנען צוריק אויף דעם ריכטיגען ארט [ווי אן אויסגעלונקענעם גליעד]; מאכען, פערוואנדלען; ברייגנען אין א געוויסען צושטאנד אדער פארם; ברייגנען אין געוויסע גרענעצען פון אן ערקלערונג אדער בעשרייבונג; ברייגנען א פערוויקעלטען אלגעבראאישען אויסדרוק צו אן איינפאכערען; אין אריפמעטיק — ענדערען די בענאמינירונג פון מאס־איינהייטען, געלד־איינהייטען א. ד. ג. [ווי מאכען פון דאלארם — סענטען, פון מיילען — פוס א. ז. וו.]; אוועקנעהמען פון מעטאל־ערץ די ניט־מעטאלישע בעשטאנד־טיילען.

reduced' cir'cumstances (רי-דיוסט' סויר'-קאם-סטענ-סעז) געדריקטע אומשטענדען.

reduced' i'ron (רי-דיוסט' אי'-ערן) א

דינער אייזן=פולווער, וואס ווערט ערהאלטען דורך א געוויסען בעמישען פראצעס.

reduce'ment *n.* (רי-דיוס'-מענט) א רעדוצירונג, אן אראבזעצונג, א פערקלענערונג, א פערמינדערונג; דאס רעדוצירען, דאס אראבזעצען; א צוריקבריינגונג.

reduce' mon'ey (רי-דיוס' מאנ'-אי) בייטען געלד.

redu'cent *a. and n.* (רי-דיו'-סענט) רעדוצירענד, פערקלענערענד, פערמינדערענד; אונטריאכענד; עטוואס וואס רעדוצירט.

redu'cer *n.* (רי-דיו'-סער) א רעדוצירער; א פערוואנדלער; א צוריקבריינגער; אן אונטעריאכער; אזא מוף צו פעראייניגען ראהרען; א פארריכטונג אין אן עלעקטרישער סטאנציע צו פערקלענערען די עלעקטרישע שפאנונג.

reduce' the square (רי-דיוס' טהי סקהווערה) אויסשטעלען צוריק אין א ליניע א באטאליאן סאלדאטען, וואס איז פריהער אויסגעשטעלט געווארען אין א קוואדראט.

reduce' to beg'gary (רי-דיוס' טו בעג'-ער-אי) בריינגען צו בעטעל=ברויט.

reduce' to noth'ing (רי-דיוס' טו נאטה'-אינג) מאכען צו גארנישט.

reduce' to the ranks (רי-דיוס' טו טהי רענקס) דעגראדירען, מאכען פאר א פראסטען סאלדאט [ווי דאס ווערט געטהאן מיט ארויפגעדיענטע אין מיליטער פאר שלעכטע אויפפיהרונג אדער פערברעכענס].

reduce' to wri'ting (רי-דיוס' טו ראי'-טינג) פערשרייבען שווארץ אויף ווייס.

To avoid misunderstandings every agreement should be **reduced to writing.**

reducibil'ity *n.* (רי-דיו-סי-ביל'-אי-טי) דאס קענען רעדוצירט ווערען; דאס קענען צוריקגעבראכט ווערען אין דעם פריהערדיגען צושטאנד; דאס קענען פערוואנדעלט ווערען. ז. *reduce*.

redu'cible *a.* (רי-דיו'-סיבל) רעדוצירבאר; וואס קען רעדוצירט ווערען, וואס קען פערמינדערט ווערען; וואס קען פערוואנדעלט ווערען.

redu'cibleness *n.* (רי-דיו'-סיבל-נעס) דאס קענען רעדוצירט ווערען; דאס קענען פערוואנדעלט ווערען; דאס קענען צוריקגעבראכט ווערען [אין דעם פריהערדיגען צושטאנד].

redu'cibly *adv.* (רי-דיו'-סי-בלי) קענענדיג צוריקגעבראכט ווערען [אין דעם פריהערדיגען צושטאנד]; קענענדיג פערוואנדעלט ווערען; רעדוצירבאר.

redu'cing *a.* (רי-דיו'-סינג) רעדוצירענד, פערקלענערענד, פערמינדערענד.

redu'cing a'gent (רי-דיו'-סינג איי'-דזשענט) א שטאף וואס האט די אייגענשאפט אוועקצונעהמען די עלעקטרא=נעגאטיווע בעשטאנד=טיילען פון א בעמישער פערבינדונג און מאכט פריי די עלעקטרא=פאזיטיווע בעשטאנד=טיילען [ווערט בענוצט אבצוטיילען די ניט=מעטאלישע בעשטאנד=טיילען פון מעטאל=ערץ].

reduct' *n.* (רי-דאקט') אין האלץ=ארבייט — א קליינער אויסשניט אין וועלכען עס איז טייל צו מאכען עס גלייכפערמיג.

reductibil'ity *n.* (רי-דאק-טי-ביל'-אי-טי) ז. *reducibleness*.

reduc'tio ad absur'dum (רי-דאק'-שי-או עד עב-סויר'-דאם) דאס בריינגען צו אן אבסורד [דאס בעווייזען די פאלש-קייט פון א בעהויפטונג דורך דער אונמעגליכקייט פון איהר לאגישען שלוס].

reduc'tion *n.* (רי-דאק'-שאן) די צוריקפיהרונג; די אומוואנדלונג, די פערזעצונג אין א נייעם צושטאנד; די פערמינדערונג; די רעדוצירונג; די פאנאנדערלעגונג; אין מאטעמאטיק — די רעדוקציאן [די פערוואנדלונג פון איין געאמעטרישער פיגור אדער פון איין גרעסע אין אן אנדערער]; אין כירורגיע — דאס צוריק ארייננשטעלען [ווי אן אויסגעלונקענעם גליעד]; די אונטערווארפונג, די עראבערונג; די אונטעריאכונג; דאס ארונטערקומען.

reduc'tive *a. and n.* (רי-דאק'-טיוו) צוריקפיהרענד; פערמינדערענד; אן אויפלעזונגס=מיטעל; עטוואס וואס רעדוצירט אדער פערמינדערט.

reduc'tively *adv.* (רי-דאק'-טיוו-לי) דורך פערמינדערונג, דורך ארונטערזעצונג, דורך פערוואנדלען אין אן אנדער פארם אדער צושטאנד.

redun'dance *n.* (רי-דאנ'-דענס) איבערפלוס, איבעריגקייט; אן איבערפלוס פון ווערטער.

redun'dancy *n.* (רי-דאנ'-דענ-סי) ז. *redundance*.

redun'dant *a.* (רי-דאנ'-דענט) איבערפליסיג, איבעריג; איבערפליסיג אין ווערטער.

redun'dantly *adv.* (רי-דאנ'-דענט-לי) אויף אן איבערפליסיגען שטייגער.

red'-un'derwing *n.* (רעד'-אנ'-דער-ווינג) אזא זומער=פויגעלע אדער באבעלע, ביי וועלכען די אונטערשטע פאר פליגעלעך זיינען רויט און האבען א שווארצען ראנד. ז. איל. *"Butterflies & Moths"*

redu'plicate *v. and a.* (רי-דיו'-פלי-קייט) ווידער פערדאפלען, נאך אמאל מולטיפליצירען; ווידערהאלען, זיך ווידערהאלען; ווידערהאלט; נאך אמאל פערדאפעלט.

reduplica'tion *n.* (רי-דיו-פלי-קיי'-שאן) די פערדאפלונג; די ווידערהאלונג; אין רעטאריק — א זאץ אדער אויסדרוק וואס ענדיגט זיך מיט דעמזעלבען ווארט, מיט וועלכען דער צווייטער זאץ פאנגט זיך אן.

redu'plicative *a.* (רי-דיו'-פלי-קיי-טיוו) וואס בעצייכענט א ווידערהאלונג אדער פערדאפלונג.

re'dux *a.* (רי'-דאקס) צוריקגעבראכט; צוריקגעקומען [ווענען געוויסע פיזיאלאגישע ערשיינונגען, וועלכע זיינען פערשוואונדען צוליעב קראנקהייט].

red'water *n.* (רעד'-הוואה-טער) א קראנקהייט ביי בהמות, דורך וועלכער די אורין געהט ביי זיי מיט בלוט.

red'wing *n.* (רעד'-הווינג) די רויט=דראסעל [אזא קליין זינג=פויגעלע מיט א רויטליכען ראנד ארום די פליגלען].

red'-winged *a.* (רעד'-הווינגד) וואס האט רויטע פליגלען.

red'wood *n.* (רעד'-הוואוד) א מין זעהר גרויסער בוים מיט רויטליכען האלץ [וואקסט אין קאליפארניען].

reech'o *v. and n.* (רי-עק'-או) צוריק אבהילכען, צוריק אברופען, ווידער אבקלינגען; א פערדאפעלטער ווידער=קול.

reed *n. and v.* (ריעד) דער ראהר, דער טראסטניק, דער שטאם פון געוויסע הויכע גרעזער, וואס וואקסען אין פייכטע ערטער; א פייפעל וואס ווערט געמאכט פון אזא ראהר, א דודקע; אין מוזיק — א קליינע עלאסטישע פלאטע פון האלץ אדער מעטאל אין מונדשטיק פון א מוזיקאלישען בלאז=אינסטרומענט, ווי א קלארנעט א. ד. ג. [זעה איל.]; אין בערג=ארבייט — א רעהרעל אנגעפילט מיט פולווער וואס שטעלט זיך אריין אין דעם אויסגעבויערטען לאך, כדי אויפצורייסען דעם שטיין; אין ארכיטעקטור — א האלב=צילינדרישע פארם פון א געזימס אדער קארניז; דאס שטעקעלע, מיט וועלכען וועבערס זונדערען אב די פעדים אויף דער וועב=ראהם; א שיס=פייל; "קנה" [אזא לענג=מאס ביי די פארצייטיגע אידען]; דער פיערטער מאגען פון בהמות וואס זיינען מעלה גרה; דעקען [א דאך] מיט ראהר אדער טראסטניק; אין ארכיטעקטור — מאכען א געזימס אין דער פארם פון א ראהר.

Reed

reed'-bird *n.* (ריעד'-בוירד) ז. *bobolink*.

reed'-bun'ting *n.* (ריעד'-באנ'-טינג) דער ראהר=שפערלינג [א קליין אייראפעאיש פויגעלע].

reed'ed *a.* (ריעד'-עד) בעוואקסען מיט ראהר אדער קאמיש.

reed'en *a.* (ריעדן) פון ראהר, פון טראסטניק.

reed'-fence *n.* (ריעד'-פענס) א גארטען=פארקאן פון ראהר אדער טראסטניק.

reed'-grass *n.* (ריעד'-גרעס) ראהר=גראז, קאמיש, טראסטניק.

reedifica'tion *n.* (רי-עד-אי-פי-קיי'-שאן) די ווידער=אויפבויאונג.

reed'ify *v.* (רי-עד'-אי-פאי) ווידער אויפבויען.

reed'ing *n.* (ריעד'-אינג) אין ארכיטעקטור — א פערציערונג אדער ארנאמענט וואס האט די פארם פון א רייהע קאנוועקסע אדער רונד אויסגעבויגענע שטעקעלעך; די קארבען אויף דעם ראנד פון א מטבע.

reed'-in'strument *n.* (ריעד'-אינ'-סטרו-מענט) א ראהר=אינסטרומענט [א מוזיקאלישער אינסטרומענט, ווי א פאיאל אדער קלארנעט, ביי וועלכען די טענער ווערען פראדוצירט דורך דער וויבראציאן אדער טרייסלונג פון א קליינער עלאסטישער פלאטע אדער צינגעל].

reed'it *v.* (רי-עד'-איט) ווידער ארויסגעבען; פערעפענטליכען אויף דאס ניי.

reed'-knife *n.* (ריעד'-נאיף) אן אינסטרומענט צום צורעכט מאכען די דראטען פון א צימער=ארגעל. ז. *reed-organ*.

reed'less *a.* (ריעד'-לעס) ניט בעוואקסען מיט ראהר אדער טראסטניק.

reed'-mace *n.* (ריעד'-מיים) די וואסער=קאלבע [א מין הויכעס גראז מיט לאנגע שמאלע און שפיציגע בלעטער. ווערט געברויכט צו דעקען דעכער, פאר הייצונג א. ז. וו.].

reed'-or'gan *n.* (ריעד'-אהר'-גען) דער צימער=ארגעל [א מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט א קלאוויאטור, וואס פראדוצירט טענער מיט דער הילף פון וויברירענדע קליינע מעטאלענע פלאטען אדער צינגלעך].

reed'-pipe *n.* (ריעד'-פאיפ) אן ארגעל, ביי וועלכען די טענער ווערען פראדוצירט דורך דער וויבראציאן פון א דינער קליינער פלאטע אדער צינגעל.

reed'-spar'row *n.* (ריעד'-ספער'-או) ז. *reed-bunting*.

reed'y *a.* (ריעד'-אי) בעוואקסען מיט ראהר אדער טראסטניק; וואס בעשטעהט

פון ראהר; עהנליך צו ראהר; אין מוזיק — וואס איז שייך צו א טאן, וועלכער איז עהנליך צום טאן פון א ראהר=אינסטרומענט.

reef *n., v. and a.* (ריעף) א פעלזענריף, א פעלזען=באנק, שטיקער פעלזען אין ים, וועלכע שטארצען ארויס אביסעל פון וואסער; א געוויסער טייל פון א זעגעל וועלכער ווערט צוזאמענגעראלט אדער צוזאמענגעצויגען, כדי צו מאכען איהם קלענער בעת א שטורם; צוזאמענראלען אדער צוזאמענציהען א טייל פון א זעגעל אין א שטורם; צוזאמענשנורען, איינפאלבען; בעדעקט מיט קרעץ.



Reef

reef′-band *n.* (ריעפ׳-בענד) רעף=באנד [א שטיק זעגעל=לייווענד וואס ווערט אריבערגענעהט איבער א זעגעל איהם צו פערשטארקערען].

ree′fer *n.* (ריע׳-פער) איינער וואס ראלט צונויף א שטיק זעגעל, כדי צו מאכען איהם קלענער בעת א שטורם; א מין קורצער רעקעל ביי מאטראזען און פישער; א מין אויסטערס וואס וואקסען אויף פעלזענריפען [פעלזען וואס שטארצען אביסעל ארויס פון ים].

ree′fing *n.* (ריע׳-פינג) צוזאמענפאלטונג [פון צייג].

reef′-line *n.* (ריעפ׳-לאין) אזא שטריק צונויפצוציהען א זעגעל פון א שיף, ווען דער ווינד בלאזט צו שטארק.

reef′-point *n.* (ריעפ׳-פאינט) א קורץ שטיקעל שטריק וואס איז אריינגעצויגען אין לאך פון א זעגעל, כדי צו מאכען שנעל דאס צונויפציהען איהם בעת א שטורם.

reef′-tack′le *n.* (ריעפ׳-טעק׳ל) א שטריק מיט וועלכען מען ציהט ארויף די פאלברינגלעך פון א זעגעל אויף׳ן מאסט אום איהם צוזאמענצוראלען.

ree′fy *a.* (ריע׳-פי) פעלזיג, פול מיט פעלזענריפען. ז. *reef*

reek *v.* (ריעק) רויכערען; דאמפפען; אויסדונסטען.

ree′ky *a.* (ריע׳-קי) רויכיג, פעררוי=כערט; וואס גיט ארויס א שלעכטען ריח.

reel *n. and v.* (ריעל) א שפולקע, א קאטושקע, אירגענד וועלכע פארריכטונג אנצודרעהען פאדים, שטריק, דראט א. ד. ג.; אזא פארריכטונג אויף א ווענטקע אבצודרעהען דעם פאדים; א רעדעל=טאנץ [אן ארט לעבעדיגער טאנץ]; די מוזיק צו אזא טאנץ; אן אומדרעהונג, די בעוועגונג מיט אונזיכערע טריט [ווי דער גאנג פון א שכור׳ען]; ארומדרעהען, אנשפולען, אנדרעהען פאדים אויף א שפולקע אדער קאטושקע; טאנצען א רעדעל=טאנץ; דרעהען; זיך דרעהען; ווארפען זיך אין אלע זייטען [ווי דער גאנג פון א שכור].

ree′lable *a.* (ריע׳-לעבל) וואס קען זיך אנדרעהען אויף א שפולקע [קאטושקע].

reelab′orate *v.* (רי-אי-לעב׳-א-רייט) ווידער אויסארבייטען.

reel′-band *n.* (ריעל׳-בענד) ביי פישכאפער — א מעטאלענער באנד, מיט וועלכען מען פעסטיגט צו צו דער ווענטקע די שפולקע, אויף וועלכער עס דרעהט זיך אן דער פאדים.

reel′-bed *n.* (ריעל׳-בעד) דאס ארט אויף א ווענטקע וואו עס איז צוגעפעסטיגט די שפולקע, אויף וועלכער עס דרעהט זיך אן דער פאדים.

reel′-check *n.* (ריעל׳-טשעק) א פארריכטונג אבצוהאלטען די בעוועגונג פון דער שפולקע אויף א ווענטקע.

reel′-click *n.* (ריעל׳-קליק) א פארריכטונג אויף א ווענטקע, דורך וועלכער עס ווערט רעגולירט דאס אויפהויבען זיך און ארונטערלאזען זיך פון דעם פאדים.

reel′-cot′ton *n.* (ריעל׳-קאט׳ן) שפולקע=פאדים [נעה=פאדים].

reelect′ *v.* (רי-אי-לעקט׳) ווידער ערוועהלען, ערוועהלען נאך אמאל.

reelec′tion *n.* (רי-אי-לעק׳-שאן) די ווידער=ערוועהלונג; דאס אויסקלייבען נאך אמאל.

ree′ler *n.* (ריע׳-לער) איינער וואס וויקעלט אן אויף א שפולקע [הויפטזעכליך זייד].

reel′evate *v.* (רי-על׳-אי-ווייט) ווידער אויפהויבען.

reeligibil′ity *n.* (רי-על-אי-דזשי-ביל׳-אי-טי) דאס זיין פאסיג אדער ווערטה ווידער ערוועהלט צו ווערען אויף דעמזעלביגען אמט.

reel′igible *a.* (רי-על׳-אי-דזשיבל) וואס קען ווידער געוועהלט ווערען.

ree′ling *n.* (ריע׳-לינג) דאס אנראלען, דאס אנדרעהען [פאדים] אויף א שפולקע [קאטושקע].

reem *n. and v.* (ריעם) ראם [א ביבלישער נאמען פון א פארצייטיגען ווילדען אקס]; פערגרעסערען א לאך דורך בויערען.

reembark′ *v.* (רי-עם-בארק׳) ווידער ארויפזעצען זיך אויף א שיף; ווידער ארויפזעצען אויף א שיף.

reembarka′tion *n.* (רי-עם-באר-קיי׳-שאן) דאס ווידער ארויפגעהן אויף א שיף; דאס ווידער ארויפברייגען אדער ארויפזעצען אויף א שיף.

reembod′y *v.* (רי-עם-באד׳-אי) ווידער פערקערפערען; ווידער פערפערזענליכען; ווידער פעראייניגען אין איין מאסע.

reembrace′ *v.* (רי-עם-בריים׳) ווידער אומארמען, ווידער ארומנעהמען; ווידער אננעהמען אדער זיך אנכאפען אן עפעס.

reemerge′ *v.* (רי-אי-מוירדזש׳) ווידער ארויסקומען, ווידער ערשיינען.

reemer′gence *n.* (רי-אי-מויר׳-דזשענס) דאס ווידער ערשיינען, דאס ווידער ארויסווייזען זיך.

reenact′ *v.* (רי-ע-נעקט׳) ווידער פעראָרדנען, ווידער מאכען פאר א געזעץ.

reenac′tion *n.* (רי-ע-נעק׳-שאן) ז. *reenactment*

reenact′ment *n.* (רי-ע-נעקט׳-מענט) דאס ווידער מאכען פאר א געזעץ, דאס ווידער פעראָרדנען [נאכדעם ווי עס איז שוין איינמאל פעראָרדנעט געווארען].

reencour′age *v.* (רי-ען-קאר׳-ערזש) ווידער ערמוטיגען.

reencour′agement *n.* (רי-ען-קאר׳-עדזש-מענט) דאס ווידער ערמוטיגען.

reendorse′ *v.* (רי-ען-דאהרס׳) ווידער בעשטעטיגען מיט אן אונטערשריפט; ווידער געבען א זשירע.

reendow′ *v.* (רי-ען-דאו׳) ווידער געבען עפעס אימעצען במתנה; ווידער בעגאבען אדער בעשענקען.

reenforce′ *v.* (רי-ען-פאורס׳) ז. *reinforce*

reenforce′ment *n.* (רי-ען-פאורס׳-מענט) ז. *reinforcement*

reengage′ *v.* (רי-ען-גיידזש׳) ווידער זיך פערפליכטען; ווידער דינגען אדער אנשטעלען; ווידער זיך אריינלאזען אין עפעס; ווידער אריין אין געפעכט מיט אימעצען.

reengage′ment *n.* (רי-ען-גיידזש׳-מענט) ווידער=פערפליכטונג; ווידער=בעשעפטיגונג; דאס ווידער אריינלאזען זיך אין עפעס; א בענייטער געפעכט.

reengrave′ *v.* (רי-ען-גרייוו׳) ווידער איינגראווירען; ווידער אויסקריצען.

reenjoy′ *v.* (רי-ען-דזשאי׳) ווידער געניסען.

reenjoy′ment *n.* (רי-ען-דזשאי׳-מענט) דאס ווידער אמאל האבען פערגניגען; דאס ווידער געניסען.

reenkin′dle *v.* (רי-ען-קינ׳דל) ווידער אנצינדען.

reenlist′ *v.* (רי-ען-ליסט׳) ווידער איינשרייבען; ווידער ארייננעהמען אין מיליטער.

reenlist′ment *n.* (רי-ען-ליסט׳-מענט) דאס ווידער איינשרייבען אין מיליטער; דאס ווידער ארייננעהמען.

reenslave′ *v.* (רי-ען-סלייוו׳) ווידער פערקנעכטען, ווידער מאכען פאר א שקלאף.

reenslave′ment *n.* (רי-ען-סלייוו׳-מענט) דאס מאכען ווידער פאר א שקלאף, די ווידער=פערקנעכטונג.

reen′ter *v.* (רי-ען׳-טער) ווידער אריינגעהן; ווידער אריין אין בעזיץ פון לאנד, וואס האט אמאל שוין בעלאנגט צו דערזעלביגער פערזאן; אין גראוויר=ארבייט — קריצען עטוואס טיעפער אום צו מאכען בולט׳ער די ליניען; ווידער אריינטראגען אדער אריינשרייבען אין בוך.

reenthrone′ *v.* (רי-ען-טהראון׳) ווידער זעצען אויף׳ן טהראן; אומקעהרען צו דער כסא=המלוכה.

reenthrone′ment *n.* (רי-ען-טהראון׳-מענט) דאס ווידער זעצען אויף דעם כסא=המלוכה.

reen′trance *n.* (רי-ען׳-טרענס) ווידער=איינטריט; דאס ווידער אריינגעהן.

reen′trant *a.* (רי-ען׳-טרענט) ווידער אריינטרעטענד.

reen′try *n.* (רי-ען׳-טרי) דאס ווידער איינטרעטען אין אייגענטום; דאס ווידער פערשרייבען עפעס אין א בוך.

reerect′ *v.* (רי-אי-רעקט׳) ווידער אויפבויען.

reestab′lish *v.* (רי-עס-טעב׳-ליש) ווידער איינארדנען, ווידער איינשטעלען, ווידער עטאבלירען, ווידער גרינדען, ווידער איינריכטען.

reestab′lisher *n.* (רי-עס-טעב׳-ליש-ער) א ווידער=איינארדנער, א ווידער=עטאבלירער, איינער וואס שטעלט עפעס ווידער איין.

reestab'lishment *n.* (רי-עם-טעב'-ליש-מענט) די וויעדער=אריינשטעלונג, די וויעדער=איינריכטונג, דאס וויעדער עטאבלירען.

reeve *v. and n.* (ריעוו) — אויף א שיף דורכשטעקען א שטריק דורך א לאך אדער דורך א בלאק; א לאנד=ריכטער, א מאגיסטראט פון א פארשטעדטעל אדער פון א דארף; דער געהילף פון א ריכטער.

reexamina'tion *n.* (רי-עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א נאכאמאליגע אונטערזוכונג; דאס וויעדער עקזאמינירען.

reexam'ine *v.* (רי-עג-זעמ'-אין) וויעדער אונטערזוכען, עקזאמענירען נאך אמאל.

reexchange' *v.* (רי-עקס-טשיינדזש') וויעדער איבערבייטען, וויעדער טויישען.

reexhib'it *v. and n.* (רי-עג-זיב'-איט) וויעדער ווייזען; וויעדער אויסשטעלען; א נייע אויסשטעלונג.

reexpel' *v.* (רי-עקס-פעל') וויעדער אויסשליסען, וויעדער ארויסיאגען, וויעדער ארויסשיקען.

reexpe'rience *v. and n.* (רי-עקס-פי'-רי-ענס) וויעדער פרופען, פערזוכען אדער מיטמאכען; דאס מיטמאכען אדער פערזוכען אויף דאס ניי.

reexport' *v.* (רי-עקס-פאורט') צוריק ארויספיהרען; צוריק עקספארטירען סחורות, וועלכע זיינען אימפארטירט געווארען.

reex'port *n.* (רי-עקס'-פאורט) סחורות וואס ווערען ארויסגעפיהרט נאכדעם ווי זיי זיינען אריינגעפיהרט געווארען.

reexporta'tion *n.* (רי-עקס-פאר-טיי'-שאן) די צוריק=ארויספיהרונג פון סחורות נאכדעם ווי זיי זיינען אימפארטירט געווארען.

reexpul'sion *n.* (רי-עקס-פאל'-שאן) דאס וויעדער ארויסטרייבען, דאס וויעדער פעריאגען.

refash'ion *v.* (רי-פעש'-אן) פון דאס ניי פארמירען, איבערפארמירען, איבערמאכען.

refash'ionment *n.* (רי-פעש'-אן-מענט) וויעדער=פארמירונג, דאס איבערמאכען פון דאס ניי.

refas'ten *v.* (רי-פעס'ן) וויעדער בעפעסטיגען, צוריק בעפעסטיגען.

refect' *v. and a.* (רי-פעקט') דערקוויקען, דערפרישען [דורך שפייז, דורך א טרונק, דורך שלאף אדער רוה]; פערריכטען; דערפרישט, דערקוויקט, ערהאלט; פערריכט.

refec'tion *n.* (רי-פעק'-שאן) דערקוויקונג, דערפרישונג [דורך שטילען רעם הונגער און דורשט]; ערהאלונג [דורך רוה און שלאף]; פערריכטונג.

refec'tioner *n.* (רי-פעק'-שאן-ער) איינער וואס האט די אויפזיכט איבער'ן עס=צימער און איבער די שפייז=פראדוקטען אין א מאנאסטיר.

Refec'tion Sun'day (רי-פעק'-שאן סאנ'-דיי) ז. ***Refreshment Sunday***.

refec'tive *a. and n.* (רי-פעק'-טיוו) דערפרישענד; עטוואס וואס דערפרישט.

refec'torer *n.* (רי-פעק'-טא-רער) ז. ***refectioner***.

refec'tory *n.* (רי-פעק'-טא-רי) אן עס=צימער [הויפטזעכליך אין א מאנאסטיר].

refer' *v.* (רי-פויר') 1. צושרייבען, זיך פעררופען אויף..., אנגעבען די אבשטאמונג אדער אורזאכע; 2. איבערגעבען; 3. בריינגען אין פערבינדונג; קלאסיפיצירען, בעשטימען די אנגעהעריגקייט צו א קלאס, גרופע א. ז. וו.; 4. אנווייזען, נאכווייזען, אבשיקען; 5. האבען א שייכות, זיך בעציהען; 6. זיך ווענדען [נאך אינפארמאציאנען]; 7. אנדייטען, מרמז זיין; 8. רעקאמענדירען.

1. Mahomet **referred** his new laws to the angel Gabriel. 2. We **referred** our dispute to one of our mutual friends for adjustment. 4. The applicant was **referred** to the head of the department. 5. The speaker's remarks **referred** to the latest political events. 6. We can **refer** to an encyclopedia for information on these points.

ref'erable *a.* (רעפ'-ער-עבל) בעציהליך, וואס קען זיך בעציהען; וואס קען צוגעשריבען ווערען [צו איינעם אדער עפעס]. ז. ***refer***.

referee' *n. and v.* (רעפ-ע-ריע') אן ענטשיידער, א שיעדעס=ריכטער, א פשרה=מאכער; איינער וואס ווערט בעשטימט פון א געריכט עפעס צו ענטשיידען אדער אונטערזוכען; אן אונפארטייאישער מענש ביי א פויסטען=קאמפף, וואס דארף בעשטימען פערשיעדענע שטרייט=פונקטען; זיין אן ענטשיידער אדער שיעדעס=ריכטער.

ref'erence *n. and v.* (רעפ'-ער-ענס) רעפערענץ, דאס צושרייבען, דאס בערופען זיך אויף עפעס, אנווייזונג; בעציהונג, בעצוג; ווענדונג [נאך אינפארמאציאנען], דאס נאכזעהן; אנדייטונג; דאס איבערגעבען צו שיעדעס=ריכטער אדער צו פערזאנען וואס זיינען בעשטימט פון א געריכט; פערהער פאר א שיעדעס=געריכט אדער פאר א הילפס=געריכט בעשטימט פון א געריכט; עטוואס, אויף וואס מען קען זיך בעציהען אדער אנדייטען; א רעקאמענדאציע; איינער וואס רעקאמענדירט; אן אנדייטונגס=צייכען; רעקאמענדירען.

ref'erence Bi'ble (רעפ'-ער-ענס באיבל) א ביבעל מיט ראנד=בעמערקונגען וועגען עהנליכע שטעלען אין אנדערע פלעצער.

ref'erence book (רעפ'-ער-ענס בוק) א רעפערענץ=בוך [ווי א ווערטערבוך, ענציקלאפעדיע א. ז. וו., וועלכע מען געברויכט ניט צום לעזען און לערנען נאר אויף נאכצוזעהן פערשיעדענע זאכען].

ref'erence li'brary (רעפ'-ער-ענס לאי'-ברע-רי) א רעפערענץ=ביבליאטעק [א ביבליאטעק ניט פון לעזע=ביכער אדער לעהר=ביכער, נאר פון רעפערענץ=ביכער, ווי ווערטערביכער, ענציקלאפעדיעס א. ז. וו., וואס ווערען געברויכט נאכצוזעהן פערשיעדענע זאכען].

ref'erence marks (רעפ'-ער-ענס מארקס) אין דרוקעריי — צייכענס וואס שיקען אב פון טעקסט צו די פוס=נאטען אדער אונטער=בעמערקונגען [ווי * א. ז. וו.].

referen'dary *n.* (רעפ-ע-רענ'-דע-רי) אן ענטשיידער, א פשרה=מאכער, א שיעדעס=ריכטער; א פערמיטלער צווישען א הערשער און דעם פאלק; אן אפיציעלער פערמיטלער צווישען דעם קאנסטאנטינאפאלער פאטריארך און דער רעגיערונג.

referen'dum *n.* (רעפ-ע-רענ'-דאם) א רעפערענדום [א סיסטעם פון געזעצגעבונג, וואו די געזעצע, וואס ווערען אנגענומען פון די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, ווערען איבערגעגעבען צו דער אבשטימונג פון פאלק; דאס רעכט פון פאלק אנצונעהמען אדער אבצושאפען געזעצע דורך אלגעמיינער אבשטימונג; אן אנפראגע פון א דיפלאמאט ביי זיין רעגיערונג, ווי צו האנדלען אין געוויסע אנגעלעגענהייטען].

referen'tial *a.* (רעפ-ע-רענ'-שעל) אנדייטענד, וואס איז מרמז; וואס בעציהט זיך אויף...; וואס ווערט געברויכט אלס אינפארמאציאן.

referen'tially *adv.* (רעפ-ע-רענ'-שעל-אי) אין בעצוג צו...

referment' *v.* (רי-פויר-מענט') וויעדער איהרען אדער געהרען; פון דאס ניי ארויסרופען איהרונג אדער געהרונג.

refer'rer *n.* (רי-פויר'-ער) איינער וואס דייטעט אן, שיקט אב, בערופט זיך אויף אימעצען אדער עפעס אדער קלאסיפיצירט. ז. ***refer***.

refer'rible *a.* (רי-פויר'-איבל) ז. ***referable***.

refer'tilize *v.* (רי-פויר'-טי-לאיז) וויעדער מאכען פרוכטבאר; וויעדער בעפרוכטען.

refig'ure *v.* (רי-פיג'-יור) פון דאס ניי געשטאלטען, פארמירען אדער פארשטעלען.

refill' *v.* (רי-פיל') וויעדער אנפילען.

Please **refill** my glass.

refi'nable *a.* (רי-פאי'-נעבל) וואס מען קען רייניגען, ראפינירען אדער לייטערען; וואס מען קען פערפיינערען.

refind' *v.* (רי-פאינד') וויעדער געפינען, צוריק געפינען.

refine' *v.* (רי-פאין') רייניגען; ראפינירען, לייטערען; פערפיינערען; מאכען עלעגאנט; אויסבילדען; זיך רייניגען, זיך לייטערען; זיך אויסמענשלען, זיך פערפיינערען; ארויסצייגען עלעגאנץ אדער פיינקייט [מעהרסטענטייל איבערטריבענע] אין דענקען אדער ריידען.

refined' *a.* (רי-פאינד') גערייניגט, געלייטערט, ראפינירט; פערפיינערט, אויסגעבילדעט, עלעגאנט.

refi'nedly *adv.* (רי-פאי'-נעד-לי) עלעגאנט, ראפינירט [הויפטזעכליך ווען איבערטריבען].

refi'nedness *n.* (רי-פאי'-נעד-נעס) ריינקייט, ראפינירטקייט, געלייטערטקייט; פיינקייט, פערפיינערטקייט; כלומר'שטע ריינקייט.

refine'ment *n.* (רי-פאינ'-מענט) רייניגונג, ראפינירונג, לייטערונג; גערייניגטקייט, ריינקייט; פיינקייט, פערפיינערטקייט, עלעגאנץ; געקינסטעלטע פערפיינערטקייט אדער עלעגאנץ.

refi'ner *n.* (רי-פאי'-נער) איינער וואס ראפינירט, לייטערט אדער רייניגט; א מעטאל=לייטערער; א צוקער=ראפינירער; א פערפיינערער; איינער וואס איז געקינסטעלט אדער איבערטריבען פערפיינערט אדער עלעגאנט; אן אפאראט צום רייניגען, לייטערען אדער ראפינירען; א גאז=לייטערער.

refi'nery *n.* (רי-פאי'-נע-רי) א לייטערונגס אדער ראפינירונגס=פאבריק [וואו מען ראפינירט אדער לייטערט מעטאלען, פעטראלעאום, צוקער א. ז. וו.].

refit' *v. and n.* (רי-פיט') אויסבעסערען, פערריכטען; פערריכטונג [הויפטזעכליך פון א שיף].

refit'ment *n.* (רי-פיט'-מענט) אויסבעסערונג, פערריכטונג.

refix' *v.* (רי-פיקס') וויעדער בעפעסטיגען, וויעדער איינריכטען, וויעדער עטאבלירען.

reflame' *v.* (רי-פליים') פון דאס ניי זיך צופלאקערען.

reflect' *v.* (רי-פלעקט') רעפלעקטירען,

צוריקוואַרפען; צוריקשטראַהלען, אָבשפּיגלען; רעפלעקטירט ווערען; אָבשפּיגלען; צוריקפאַלען אויף; בעטראַכטען, איבערדענקען; נאָכדענקען, נאָכטראַכטען; פערורזאַכען טאַדלונג, בלאַמירען.

reflec'ted *a.* (רי–פלעק'–טעד) רעפלעקטירט, אָבגעשפּיגעלט; צוריקגעוואָרפען; אין אַנאַטאָמיע — איבערגעבויגען, צוריקגעבויגען.

reflec'tible *a.* (רי–פלעק'–טיבל) וואָס קען רעפלעקטירט ווערען אָדער צוריקגעוואָרפען ווערען.

reflec'ting *a.* (רי–פלעק'–טינג) רעפלעקטירענד, צוריקוואַרפענד, אָבשפּיגלענד, ווידערשטראַהלענד; נאָכדענקענד; זיך איבערלעגענד.

reflec'ting cir'cle (רי–פלעק'–טינג סוירקל) אַ רעפלעקציאָנס־קרייז [אַן אַס־טראָנאָמישער שפּיגעל־אַפּאַראַט פאַר ווינ־קעל־מעסטונגען].

reflec'ting di'al (רי–פלעק'–טינג דאַי'–על) אַ שפּיגעל־זונען־אוהר [אַ זייגער וואו די שטונדען ווערען אַנגעוויזען דורך אַ ליכט־שטריך פון דער זון וואָס ווערט רעפלעקטירט פון אַ שפּיגעל].

reflec'ting lamp (רי–פלעק'–טינג לעמפּ) אַ לאָמפּ מיט אַ רעפלעקטאָר [צו וואַרפען די ליכט־שטראַהלען אין אַ גע־וויסער ריכטונג].

reflec'tingly *adv.* (רי–פלעק'–טינג–לי) רעפלעקטירענדיג, צוריקוואַרפענדיג; בלאַ־מירענדיג.

reflec'ting pow'er (רי–פלעק'–טינג פּאַו'–ער) די אָבשטראַהלונגס־קראַפט [די קראַפט פון יעדער אויבערפלעכע אָבצו־וואַרפען פון זיך מעהר אָדער ווייניגער די היץ־שטראַהלען, וועלכע פאַלען אויף איהר].

reflec'ting tel'escope (רי–פלעק'–טינג טעל'–ע–סקאָופּ) אַ שפּיגעל־טעלעסקאָפּ [אַ טעלעסקאָפּ, אין וועלכען דער שיין פון אַ הימעל־קערפּער ווערט קאָנצענטרירט אין אַ שפּיגעל].

reflec'tion *n.* (רי–פלעק'–שאַן) 1. דאָס אָבוואַרפען צוריק, דאָס אָבשטראַהלען, דאָס אָבשיינען; די צוריקוואַרפונג, די אָבשלאַגונג, דער ווידערשיין; 2. דאָס נאָכדענקען; די בעטראַכטונג, די בעדענ־קונג; 3. דער טאַדעל, בלאַמירונג; אַ שטאָך־וואָרט, אַ בעליידיגונג; 4. אין אַנאַטאָמיע — די אומבויגונג אָדער צו־נויפלעגונג [פון הויט].
2. Upon reflection he altered his decision.
3 My remarks are not intended as reflection upon you.

reflec'tive *a.* (רי–פלעק'–טיוו) צוריק־וואַרפענד, ווידער־שטראַהלענד, אָבשלאַ־גענד; נאָכדענקענד, זיך אַריינטראַכטענד.

reflec'tively *adv.* (רי–פלעק'–טיוו–לי) אויף אַן אָבשלאַגענדען, אָבשטראַהלענדען אָדער אָבשיינענדען שטייגער; טיעף אַריינטראַכטענדיג זיך.

reflec'tiveness *n.* (רי–פלעק'–טיוו–נעס) די אייגענשאַפט אָבצוּוואַרפען שטראַה־לען; דאָס אַריינטראַכטען זיך.

reflec'tor *n.* (רי–פלעק'–טאַר) אַ רע־פלעקטאָר [אַן אַפּאַ־ראַט וואָס וואַרפט צוריק ליכט־שטראַה־לען]; עפּעס וואָס שלאָגט אָב ליכט־שטראַהלען; אַ בע־טראַכטער, אַ נאָכ־דענקער.

Reflector

reflec'tory *a.* (רי–פלעק'–טאָ–רי) וואָס קען אָבגעשלאָגען אָדער אָבגעוואָרפען ווע־רען צוריק [ווי אַ שטראַהל]; וואָס קען אָבגעשפּיגעלט ווערען.

reflex' *v.* (רי–פלעקס') בויגען אָדער אָב־ווענדען צוריק.

re'flex *a. and n.* (רי'–פלעקס) רעפלעק־טירענד, צוריקשטראַהלענד; אָבוואַרפענד אָדער אָבשלאַגענד צוריק; אין מאַלעריי — בעלויכטען דורך אַ ליכט, וואָס ווערט אָב־געשטראַהלט פון אַן אַנדער טייל פון דעם בילד; אין ביאָלאָגיע — אָבגעבויגען צו־ריק; אַן אָבשיינונג, אַן אָבשפּיעגלונג; אַן אָבשיין, אַ קאָפּיע פון עפּעס; אין פיזיָ־אָלאָגיע — אַ רעפלעקס, אַ מעכאַנישע אָדער אונווילקירליכע בעוועגונג פון אַ קערפּערלי־כען אָרגאַן [דיעזע בעוועגונג בעקומט זיך אַלס רעזולטאַט פון אַן אויפרייצונג, וואָס ווערט איבערגעגעבען דורך געוויסע נער־ווען צו אַ נערווען־צענטער און פון דאָר־טען ווערט זי רעפלעקטירט דורך אַנדערע נערווען צוריק צו דעם אויפגערייצטען אָרט].

re'flex ac'tion (רי'–פלעקס עק'–שאַן) ז. *reflex motion*.

reflexed' *a.* (רי–פלעקסט') אָבגעבויגען צוריק.

reflexibil'ity *n.* (רי–פלעק–סי–ביל'–אי–טי) די אָבשלאַגונג, די צוריק־שטראַה־לונג; די אייגענשאַפט צו רעפלעקטירען אָדער אָבשטראַהלען זיך צוריק.

reflex'ible *a.* (רי–פלעק'–סיבל) וואָס קען צוריקגעוואָרפען ווערען, וואָס קען אָבגע־שלאַגען ווערען, וואָס קען רעפלעקטירט אָדער צוריקגעשטראַהלט ווערען.

reflex'ion *n.* (רי–פלעק'–שאַן) ז. *reflection*.

reflex'ive *a. and n.* (רי–פלעק'–סיוו) רעפלעקטירענד, צוריקשטראַהלענד; וואָס בויגט זיך אָב צוריק; אין גראַמאַטיק — דאָס רעפלעקסיווע צייטוואָרט.
ז. *reflexive verb*.

reflex'ively *adv.* (רי–פלעק'–סיוו–לי) אויף אַ רעפלעקטיוון שטייגער; אָב־שטראַהלענדיג אָדער אָבוואַרפענדיג צוריק.

reflex'ive verb (רי–פלעק'–סיוו ווירב) אין גראַמאַטיק — דאָס רעפלעקטיווע צייט־וואָרט [אַ צייטוואָרט, וואָס בעצייכענט אַ טהעטיגקייט, וועלכע ווענדט זיך אויף דעם טהוער אַליין, ווי למשל, זיך וואַשען, זיך אַנטהאָן א. ד. ג.].

re'flex mo'tion (רי'–פלעקס מאָו'–שאַן) אין פיזיאָלאָגיע — אַ רעפלעקס־בעוועגונג, אַ מעכאַנישע אָדער אונווילקירליכע בעווע־גונג פון אַ געוויסען טייל פון קערפּער [ווי דאָס אונווילקירליכע צומאַכען זיך פון אויג, ווען איינער מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וויל כלומר'שט עס אַ קלאַפּ טהאָן].
ז. *reflex*.

re'flex move'ment (רי'–פלעקס מוהוו'–מענט) ז. *reflex motion*.

reflores'cence *n.* (רי–פלאָ–רעס'–ענס) דאָס ווידער בליהען.

reflour'ish *v.* (רי–פלאַר'–איש) ווידער בליהען, אויפבליהען.

reflow' *v. and n.* (רי–פלאָו') צוריקפלי־סען; צוריקפליסונג; דער צוריקפלוס, די עבע.

reflow'er *v.* (רי–פלאַו'–ער) ווידער בליהען; אויף דאָס ניי אַרויסרופען בלי־הונג.

ref'luence *n.* (רעפ'–לו–ענס) די צוריק־פליסונג, אַ בעוועגונג צוריק.

ref'luency *n.* (רעפ'–לו–ען–סי) ז. *refluence*.

ref'luent *a.* (רעפ'–לו–ענט) צוריקפלי־סענד.

re'flux *n.* (רי'–פלאַקס) אַ צוריקפלוס, די צוריקפליסונג.

refold' *v.* (רי–פאָולד') ווידער צונויפ־לעגען; ווידער צוזאַמענבויגען, צונויפ־קנייטשען אָדער פאַלדעווען.

refoot' *v.* (רי–פוט') פערריכטען אַ שוך אָדער אַ זאָק דורך מאַכען אַ נייע זויל אָדער פאַדעשווע.

refor'est *v.* (רי–פאָר'–עסט) ווידער פערפלאַנצען מיט וואַלד־בוימער; צוריק פערוואַנדלען אין וואַלד.

reforesta'tion *n.* (רי–פאָר–עס–טיי'–שאַן) דאָס ווידער בעפלאַנצען מיט וואַלד־בוימער; צוריק־פערוואַנדלונג אין וואַלד.

reforge' *v.* (רי–פאָורדזש') ווידער פאַר־מירען, פאַבריצירען אָדער אויסאַרבייטען.

refor'ger *n.* (רי–פאָור'–דזשער) איינער וועלכער פאָרמירט, פאַבריצירט אָדער אַר־בייט ווידער אויס.

reform' *v. and n.* (רי–פאָהרם') רעפאָר־מירען, איבערמאַכען, פערבעסערען; אומ־ענדערען; זיך בעסערען; די רעפאָרם, די פערבעסערונג, די אומענדערונג.

refor'mable *a.* (רי–פאָהר'–מעבל) וואָס קען רעפאָרמירט ווערען; רעפאָרמירבאַר.

reforma'tion *n.* (רעפ–אַר–מיי'–שאַן) די רעפאָרמאַציאָן, די אומענדערונג, די פערבעסערונג.

Reforma'tion *n.* (רעפ–אַר–מיי'–שאַן) די רעפאָרמאַציאָן, די גרויסע רעליגיעזע רעוואָלוציאָן פון 16טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער קריסטליכער פּראָטעסטאַנטישער קירך.

refor'mative *a.* (רי–פאָהר'–מע–טיוו) ווידער פאָרמירענד; וואָס מאַכט איבער די פאָרם; צוגעבענד אַ נייע געשטאַלט.

refor'matory *a. and n.* (רי–פאָהר'–מע–טאָ–רי) וואָס האָט אַ נייגונג צו מאַכען אַ נייע אָרדנונג; רעפאָרמירענד, אויסבע־סערענד; אַן אינסטיטוט אויסצובעסערען צולאָזענע אָדער פערדאָרבענע קינדער.

reformed' *a.* (רי–פאָהרמד') רעפאָר־מירט, אויסגעבעסערט.

refor'mer *n.* (רי–פאָהר'–מער) אַ רעפאָר־מאַטאָר, אַן איבערמאַכער, אַ פערבעסערער; אַ רעפאָרמער, איינער וואָס פאָדערט רע־פאָרמען אָדער פערבעסערונגען אין פּאָלי־טישען און סאָציאַלען לעבען.

refor'mist *n.* (רי–פאָהר'–מיסט) אַ רע־פאָרמיסט [איינער וואָס האַלט פון רע־פאָרמען אָדער פערבעסערונגען אין פּאָלי־טיק].

reform' school (רי–פאָהרם' סקוהל) אַ שול אָדער אינסטיטוט אויסצובעסערען צו־לאָזענע אָדער פערדאָרבענע קינדער.
ז. *reformatory*.

refortifica'tion *n.* (רי–פאָהר–טי–פי–קיי'–שאַן) דאָס ווידער בעפעסטיגען.

refor'tify *v.* (רי–פאָהר'–טי–פאַי) ווידער בעפעסטיגען.

refos'sion *n.* (רי–פאַש'–אַן) דאָס ווידער אויסגראַבען.

refound' *v.* (רי–פאַונד') אומגיסען, איבערגיסען, איבערשמעלצען; ווידער גרינ־דען, ווידער עטאַבלירען.

refract' *v.* (רי–פרעקט') איבערברעכען [אַ ליכט־שטראַהל].

refrac'table *a.* (רי–פרעק'–טעבל) וואָס קען געבראָכען ווערען אָדער אָבגעבויגען ווערען אָן אַ זייט [ווענען אַ ליכט־שטראַהל אָדער היץ־שטראַהל].

refrac'ted *a.* (רי–פרעק'–טעד) אין באָ־טאַניק — וואָס איז אָבגעבויגען אונטער אַ שאַרפען ווינקעל.

refrac'ting *a.* (רי-פרעק'-טינג) ברעכענד, שאַרף אַבבויגענד [אַ שטראַהל].

refrac'ting tel'escope (רי-פרעק'-טינג טעל'-ע-סקאָופּ) אַ רעפראַקטאָר [אַזא מין טעלעסקאָפּ]. ז. *refractor*

refrac'tion *n.* (רי-פרעק'-שאַן) די ברעכונג, די שטראַהלען=ברעכונג [די אַבנייגונג פון אַ ליכט=שטראַהל פון זיין גלייכער ריכטונג, ווען ער געהט איבער פון איין מעדיום אַדער שטאָף אין אַ צווייטען, ווי למשל, פון לופט אין וואַסער].

refrac'tive *a.* (רי-פרעק'-טיוו) ברעכענד, שטראַהלען=ברעכענד.

refrac'tiveness *n.* (רי-פרעק'-טיוו-נעס) דאָס קענען געבראַכען ווערען [ווענען שטראַהלען].

refractiv'ity *n.* (רי-פרעק-טיוו'-אי-טי) די ברעכבאַרקייט [פון שטראַהלען].

refrac'tor *n.* (רי-פרעק'-טאָר) אַ רעפראַקטאָר, אַ טעלעסקאָפּ, ביי וועלכען דער אָביעקטיוו אַדער דאָס גלאָז וואו עס קאָנצענטרירען זיך די ליכט=שטראַהלען בעשטעהט ניט פון אַ רונדען לינז, נאָר פון אַ קאָנקאַווען שפּיגעל, וואו די ליכט=שטראַהלען ברעכען זיך איבער.

refrac'torily *adv.* (רי-פרעק'-טאָ-רי-לי) אויף אַ ווידערשפּעניגען, האַרטנעקיגען אופן; מיט עקשנות.

refrac'toriness *n.* (רי-פרעק'-טאָ-רי-נעס) ווידערשפּעניגקייט, האַרטנעקיגקייט.

refrac'tory *a.* (רי-פרעק'-טאָ-רי) 1. ווידערשפּעניג, האַרטנעקיג; 2. שווער=שמעלציג [וואָס שמעלצט זיך ניט לייכט סיידען אין אַ גרויסען פייער].

1. The **refractory** witness was sent to jail by the judge.

ref'ragable *a.* (רעפ'-רע-געבל) ווידערלעגבאַר, וואָס קען אָבגעוויזען ווערען, וואָס קען בעוויזען ווערען אַלס פאַלש.

refrain' *v. and n.* (רי-פריין') זיך איינהאַלטען, זיך צוריקהאַלטען, זיך אָבהאַלטען; איינהאַלטען, צוריקהאַלטען, אָבהאַלטען; אַ רעפריין, אַ צוזינג [די ווערטער וואָס ווערען צוגעזונגען נאָך יעדער סטראָפע פון אַ ליעד]; אַ נאָכגעשמאַק.

refrai'ner *n.* (רי-פריי'-נער) איינער וועלכער האַלט זיך אָב אַדער קעהרט זיך אָב פון עפּעס; איינער וואָס האַלט אָב.

reframe' *v.* (רי-פריים') ווידער צוזאַמענזעצען.

refrangibil'ity *n.* (רי-פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) די ברעכבאַרקייט [פון שטראַהלען].

refran'gible *a.* (רי-פרענ'-דזשיבל) ברעכבאַר [ווענען שטראַהלען].

refran'gibleness *n.* (רי-פרענ'-דזשיבל-נעס) ז. *refrangibility*

refreeze' *v.* (רי-פריעז') ווידער איינפריהרען.

refresh' *v.* (רי-פרעש') דערפרישען, אָבפרישען; זיך דערפרישען, זיך אָבפרישען; זיך דערקוויקען [מיט שפּייז און געטראַנק]; אַריינגעהמען פרישען פאָרראַט.

refresh'er *n.* (רי-פרעש'-ער) אַ דערקוויקער, אַ דערפרישער, אַן אָבפרישער; אַ געצאַהלט צו אַן אַדוואָקאַט פאַר האַבען אין זינען אַ פּראָצעס [אין דער צייט, ווען ער האָט גאָר ניט צו טהאָן דערביי, ווי למשל, ווען אַ פּראָצעס איז אָבגעלעגט].

refresh'ful *a.* (רי-פרעש'-פול) דערפרישענד, אָבפרישענד.

refresh'fully *adv.* (רי-פרעש'-פול-אי) אויף אַ דערפרישענדען אַדער אָבפרישענדען אופן.

refresh'ing *a. and n.* (רי-פרעש'-אינג) דערפרישענד; ערהאַלענד; דערקוויקענד; דערפרישונג; ערהאַלונג.

refresh'ingly *adv.* (רי-פרעש'-אינג-לי) אָבפרישענדיג; אויף אַ דערפרישענדען אופן.

refresh'ingness *n.* (רי-פרעש'-אינג-נעס) דאָס זיין דערפרישענד אַדער אָבפרישענד.

refresh'ment *n.* (רי-פרעש'-מענט) אָבפרישונג, דערפרישונג; ערהאַלונג; עטוואָס וואָס פרישט אָב אַדער העלפט זיך צו ערהאַלען.

refresh'ments *n.* (רי-פרעש'-מענטס) שפּייז און געטראַנק [צו דערפרישען אַדער דערקוויקען דאָס האַרץ].

Refresh'ment Sun'day (רי-פרעש'-מענט סאַנ'-דיי) דער פיערטער זונטאַג פון דער קריסטליכער פאַסט=צייט. ז. *Lent*

refrig'erant *a. and n.* (רי-פרידזש'-ע-רענט) קיהלענד; אַ קיהל=מיטעל.

refrig'erate *v.* (רי-פרידזש'-ע-רייט) קיהלען, אָבקיהלען, קאַלט מאַכען.

refrig'erating-cham'ber *n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טינג-טשיימ'-בער) אַ קיהל=קאַמער [צו האַלטען פריש שפּייז=פּראָדוקטען].

refrig'erating-machine' *n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טינג-מע-שין') אַ קיהל=מאַשין, אַן אייז=מאַשין [אַ מאַשין קינסטליך צו פּראָדוצירען קעלט אַדער אייז].

refrigera'tion *n.* (רי-פרידזש-ע-ריי'-שאַן) קיהלונג, אָבקיהלונג; אָבגעקיהלטקייט.

refrig'erative *a. and n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טיוו) קיהלענד; אַן אָבקיהלונגס=מיטעל.

refrig'erator *n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טאָר) עטוואָס וואָס קיהלט אַדער האַלט קאַלט; אַ קיהל=אַפּאַראַט; אַן אייז=שראַנק.

refrig'erator-car *n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טאָר-קאַר) אַ קיהל=וואַגאָן, אַן אייז=וואַגאָן [אַ פראַכט=וואַגאָן מיט אַן אייז=קאַמער צו האַלטען פריש שפּייז=פּראָדוקטען].

refrig'eratory *a. and n.* (רי-פרידזש'-ע-ריי-טאָ-רי) קיהלענד, אָבקיהלענד; אַ קיהל=פאַס, אַ קיהל=קעסעל, אַ קיהל=אַפּאַראַט, אַן אייז=שראַנק.

refrin'gency *n.* (רי-פרינ'-דזשענ-סי) די קראַפט צו ברעכען שטראַהלען. ז. *refract*

refront' *v.* (רי-פראַנט') איבערמאַכען אַדער אויפס=ניי צומאַכען אַ פאַסאַד [פראַנט] פון אַ געביידע.

reft (רעפט) בערויבט; אַוועקגעריסען. ז. *reave*

ref'uge *n. and v.* (רעפ'-יודזש) אַ צופלוכט, אַ רעטונגס=אָרט; אַן אַנשטאַלט פאַר עלענדע און היימלאָזע; אַ רעטונגס=מיטעל, אַ שוץ=מיטעל, אַ בעשיצונג; בעשיצען, געבען אַן אָבדאַך; קריעגען אַ רעטונגס=אָרט אַדער צופלוכט.

refugee' *n.* (רעפ-יו-דזשיע') אַן אַנטרונענער, אַן אַנטלאָפענער, אַ פליכטלינג [הויפּטזעכליך פון פּאָליטישע אַדער רעליגיעזע פערפאָלגונגען].

refugee'ism *n.* (רעפ-יו-דזשיע'-איזם) די לאַגע אַדער צושטאַנד פון אַ פליכטלינג אַדער אַנטלאָפענעם [פון פּאָליטישע אַדער רעליגיעזע פערפאָלגונגען].

reful'gence *n.* (רי-פאַל'-דזשענס) אַ גלאַנץ, אַ בליאַסק; דאָס גלאַנצען, דאָס בליאַסקען; דאָס שיינען; העלקייט, גלאַנציגקייט.

reful'gency *n.* (רי-פאַל'-דזשענ-סי) ז. *refulgence*

reful'gent *a.* (רי-פאַל'-דזשענט) גלענצענד, שיינענד.

reful'gently *adv.* (רי-פאַל'-דזשענט-לי) שיינענדיג, בליאַסקענדיג, מיט גלאַנץ.

refund' *v. and n.* (רי-פאַנד') 1. צוריקגעבען, צוריקצאַהלען, בעגיטיגען; 2. דעקען אַן אַלטע הלואה מיט אַ נייער; 3. צוריקגעבונג, צוריקצאַהלונג.

1. The manager **refunded** all the disbursements made by the clerks. 2. Our city recently **refunded** a portion of its debt.

refun'der *n.* (רי-פאַנ'-דער) איינער וואָס צאַהלט אויס צוריק, גיט צוריק אַדער בעגיטיגט.

refund'ment *n.* (רי-פאַנד'-מענט) צוריקגעבונג, צוריקצאַהלונג, בעגיטיגונג; דאָס מאַכען אַ נייע הלואה אום צו דעקען די אַלטע.

refur'bish *v.* (רי-פויר'-ביש) איבערפּאָלירען, איבערפּוצען.

refur'nish *v.* (רי-פויר'-ניש) ווידער פערזאָרגען, ווידער פערזעהן מיט...; פון דאָס ניי מעבלירען, איבערמעבלירען.

refu'sable *a.* (רי-פיו'-זעבל) וואָס קען ענטזאָגט ווערען, וואָס קען צוריקגעוויזען ווערען.

refu'sal *n.* (רי-פיו'-זעל) אַן ענטזאָגונג; אַ צוריקווייזונג; דאָס רעכט אויסצוקלייבען, אַ ברירה.

refuse' *v.* (רי-פיוז') ענטזאָגען, אָבזאָגען; צוריקווייזען; ווידערשטעהן, צוריקשטויסען, ניט אָננעהמען; צוריקהאַלטען אַדער צוריקציהען [מיליטער]; ווידער שמעלצען, איבערשמעלצען.

ref'use *n. and a.* (רעפ'-יוס) דאָס וואָס ווערט צוריקגעוויזען, דאָס פון וואָס מען זאָגט זיך אָב; אָבפאַל; פּסולת; בראַק; צוריקגעוויזען, אָבגעוואָרפען; פערבראַקירט; ווערטהלאָז.

refuse' no pains (רי-פיוז' נאָו פּיינז) ניט זשאַלעווען קיין מיה.

refu'ser *n.* (רי-פיו'-זער) אַן ענטזאָגער, אַ צוריקווייזער.

refu'sion *n.* (רי-פיו'-זשאַן) אומגיסונג, צוריקגיסונג; אומשמעלצונג, איבערשמעלצונג.

refutabil'ity *n.* (רי-פיו-טע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען ווידערלעגט ווערען אַדער בעוויזען ווערען אַלס פאַלש.

refu'table *a.* (רי-פיו'-טעבל) ווידערלעגבאַר, וואָס קען ווידערלעגט ווערען אַדער בעוויזען ווערען פאַר פאַלש.

refu'tably *adv.* (רי-פיו'-טע-בלי) אַזוי אַז עס זאָל קענען ווידערלעגט ווערען אַדער בעוויזען ווערען פאַר פאַלש.

refu'tal *n.* (רי-פיו'-טעל) ז. *refutation*

refuta'tion *n.* (רעפ-יו-טיי'-שאַן) ווידערלעגונג, דאָס בעווייזען די פאַלשקייט פון עפּעס.

refu'tatory *a.* (רי-פיו'-טע-טאָ-רי) ווידערלעגענד, וואָס בעווייזט די פאַלשקייט פון עפּעס.

refute' *v.* (רי-פיוט') ווידערלעגען, בעווייזען די פאַלשקייט פון עפּעס; בעזיעגען דורך אַרגומענטען.

The argument can not be **refuted**.

refu'ter *n.* (רי-פיו'-טער) איינער אַדער עטוואָס וואָס ווידערלעגט אַדער בעווייזט די פאַלשקייט פון עפּעס.

regain' *v.* (רי-גיין') 1. צוריקקריעגען,

צוריק געווינען, צוריק בעקומען; 2. צוריק דערגרייכען, צוריקקומען.

1. After years of hard labor he **regained** his lost fortune. 2. The shipwrecked **regained** the shore in safety.

re'gal *a. and n.* (ריע׳-געל) קעניגליך; אזא מין פארצייטיגער קליינער ארגעל, וואס מען האט געקענט האלטען אין די הענד; א מין פארצייטיגע מויל-הארמאניקע.

rega'le *n.* (רי-גיי׳-לי) א רעגאלע [א קעניגליכע פריווילעגיע, דאס רעכט פון א הערשער]; די מאכט פון א הערשער אין קירכען-אנגעלעגענהייטען.

regale' *v. and n.* (רי-גייל׳) פיין אויפנעהמען אדער מכבד זיין; פערשאפען פערגניגען, אמוזירען; האבען א גוטען מאהלצייט; הוליען, זיך אמוזירען; א מאהלצייט, אן אונטערהאלט, א הוליאנקע.

The visitors **regaled** themselves in the best hotel in the city.

regale'ment *n.* (רי-גייל׳-מענט) א סעודה, א הוליאנקע, אן אונטערהאלטונג; צופריעדענשטעלונג, אמוזירונג.

rega'ler *n.* (רי-גיי׳-לער) איינער וואס איז פיין מכבד, נעהמט פיין אויף, אמוזירט אדער פערשאפט פערגניגען; עטוואס וואס אמוזירט אדער פערשאפט פערגניגען.

rega'lia *n.* (רי-גיי׳-ליא) רעגאלען [צייכענס פון קעניגליכער ווירדע, ווי די קרוין, דער סצעפטער א. ז. וו.]; צייכענס און בעציערונגען פון א פעראיין; א מין ציגאר.



Regalia

rega'lian *a.* (רי-גיי׳-ליען) קעניגליך; וואס איז שייך צו די צייכענס פון קעניגליכער ווירדע. ז. *regalia*

rega'lia of the church (רי-גיי׳-ליא אוו טהי טשוירטש) די קירכען-רעכטע [געשענקט פון קעניג].

re'galism *n.* (ריע׳-געל-איזם) קעניגליכע קאנטראלע אין קירכליכע אנגעלעגענהייטען.

regal'ity *n.* (רי-געל׳-אי-טי) קעניגליכע מאכט אדער ווירדע.

re'gally *adv.* (ריע׳-געל-אי) אויף א קעניגליכען אופן.

re'gal suprem'acy (רי׳-געל סיו-פרעמ׳-ע-סי) די קעניגליכע אויבערמאכט איבער דער שטאאטס-קירך.

regard' *v. and n.* (רי-גארד׳) 1. אנקוקען, בעטראכטען, אויפמערקזאם זיין [אויף עפעס]; 2. נעהמען אין אנבעטראכט, זיך קימערען; רעספעקטירען, אכטען; 3. בעהאנדלען, אנגעהן, זיך בעציהען מיט געוויסע געפיהלען, ארויסצייגען א צונייגונג; 4. בעטראכטען אלס...; 5. האבען א שייכות, זיך בעציהען; 6. דאס אויסזעהן; אנזיכט; 7. דאס נעהמען אין אכט; 8. אכטונג; 9. א רעפוטאציע, א בעדייטונג, א וויכטיגקייט; 10. א בעציהונג, א שייכות; 11. א הינזיכט, א בעציהונג; 12. די רעגירונגס-אויפזיכט איבער וועלדער [אין ענגלאנד]; א שטיק וואלד אונטער דער אויפזיכט פון רעגירונגס-בעאמטע.

2. A gentleman always **regards** the feelings of others. 3. His associates seem to **regard** him with kindness. 4. He is **regarded** as the best candidate for mayor. 5. The argument does not **regard** the question. 7. He did it without **regard** for the consequences involved. 8. Not all your friends are worthy of **regard**. 9. He is a man of the meanest **regard**. 10. Nothing has so far been done in **regard** to the question. 11. She is worthy of praise in all **regards**.

regard'able *a.* (רי-גארד׳-עבל) בעמערקענסווערטה.

regard'ant *a.* (רי-גארד׳-ענט) 1. בעטראכטענד; קוקענד [פארויס אדער נאך הינטען]; 2. אויפמערקזאם קוקענד, היטענד; 3. קוקענד איינער אויף׳ן אנדערען, געווענדעט איינער צום אנדערען.

1. He gazed with **regardant** looks. 3. The marble relief represents two **regardant** portraits of a lady and a gentleman.

regard'er *n.* (רי-גארד׳-ער) אן אויפזעהער איבער וועלדער [אין ענגלאנד]; א בעאבאכטער, א צוזעהער.

regard'ful *a.* (רי-גארד׳-פול) אויפמערקזאם; בעאבאכטענד, וואכזאם; אכטונגספול, מיט אכטונג.

regard'fully *adv.* (רי-גארד׳-פול-אי) מיט אויפמערקזאמקייט; וואכזאם, מיט בעאבאכטונג; מיט אכטונג, מיט רעספעקט.

regard'ing *prep.* (רי-גארד׳-אינג) וואס איז שייך צו..., אין בעצוג, וועגען, אין בעטרעף פון...

regard'less *a.* (רי-גארד׳-לעס) אונאויפמערקזאם, נאכלעסיג, וואס קימערט זיך ניט, וואס נעהמט ניט אין אכט.

regard'lessly *adv.* (רי-גארד׳-לעס-לי) ניט אכטענדיג, ניט קימערענדיג זיך; ניט נעהמענדיג אין אכט; אויף א נאכלעסיגען אופן, מיט אונאויפמערקזאמקייט.

regard'lessness *n.* (רי-גארד׳-לעס-נעס) אונאויפמערקזאמקייט, זארגלאזיגקייט, נאכלעסיגקייט, דאס ניט קימערען זיך, דאס ניט נעהמען אין אכט.

regard'-ring *n.* (רי-גארד׳-רינג) א רינג אויסגעזעצט מיט אזעלכע שטיינער, וואס די ערשטע בוכשטאבען פון זייערע נעמען שטעלען צוזאמען דאס ווארט *regard*, ווי **r**uby, **e**merald, **g**arnet, **a**methyst, **r**uby און **d**iamond.

regards' *n.* (רי-גארדז׳) גוטע ווינשע, גריסונג, גרוסען.

Give my **regards** to your family.

regath'er *v.* (רי-געטה׳-ער) ווידער צונויפזאמלען, אויפס-ניי זאמלען.

regat'ta *n.* (רי-געט׳-א) א שיפען-וועט-לויף, א וועט-לויף אויף שיפען.

re'gelate *v.* (ריע׳-דזשי-לייט) צוריק פערפרארען ווערען; צוזאמענגעפרארען ווערען.

regela'tion *n.* (רי-דזשי-ליי׳-שאן) צוזאמענפריהרונג.

re'gency *n.* (ריע׳-דזשען-סי) רעגיערונג, הערשאפט; רעגענטשאפט, דאס אמט אדער פערוואלטונג פון א רעגענט [איינער וואס רעגירט אנשטאט א הערשער אין פאל פון זיין אונפעהיגקייט, אבוועזענהייט אדער מינדעריעהריגקייט], די פערוואלטונג פון א רעגענט, די מלוכה אונטער א רעגענט, די פעריאדע וואס א רעגענטשאפט איז אין מאכט; דאס אמט פון א מיטגליעד פון אן אוניווערזיטעטס-פערוואלטונג; מוניציפאלע פערוואלטונג פון איינציגע אייראפעאישע שטעדט.

regen'eracy *n.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-סי) ווידער-געבארענקייט, דאס זיין ווידער-געבארען אדער בענייט. ז. *regenerate*

regen'erate *v. and a.* (רי-דזשענ׳-ע-רייט) ווידער געבעהרען, רעפּראדוצירען, צוריקשטעלען, בענייען; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — ווירקען, אז איינער זאל גייסטיג ווי ווידער געבארען ווערען, זאל ווערען א קריסט אדער זאל זיך גייסטיג ענדערען אונטער דער געטליכער השפעה; ווידער-געבארען, רעפּראדוצירט, צוריקגעשטעלט, בענייט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — גייסטיג ווידער-געבארען אדער איבערגעגאנגען פון א קערפערליכען אין א גייסטיגען צושטאנד.

regen'erateness *n.* (רי-דזשענ׳-ע-רייט-נעס) ז. *regeneracy*

regenera'tion *n.* (רי-דזשענ-ע-ריי׳-שאן) די ווידער-געבורט; א ניי לעבען; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — אן ענדערונג אונטער דער ווירקונג פון דער געטליכער השפעה; די בענייאונג אדער ווידער-געבורט פון דער וועלט נאך יעזוס׳עס צווייטער ערשיינונג אויף דער ערד; אין ביאלאגיע — אויסבילדונג פון נייעם צעלען-געוועב; אויסבילדונג פון נייע קערפער-טיילען אנשטאט די פערניכטעטע אדער פערלארענע.

regen'erative *a.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טיוו) ווידער-געבעהרענד; וואס רופט ארויס ווידער-געבורט, רעפּראדוצירענד, צוריקשטעלענד, בענייענד; אין מעטאל-שמעלצונג — וואס מאכט געברויך פון דער אויסגענוצטער היץ.

regen'erative fur'nace (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טיוו פויר׳-נעס) א רעגענעראטאר, א זיעמענס-אויוועז [אן אויווען, אין וועלכען מען מאכט געברויך פון דער אויסגענוצטער היץ].

regen'eratively *adv.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טיוו-לי) ווידער-געבעהרענדיג, רעפּראדוצירענדיג, צוריקשטעלענדיג, בענייענדיג.

regen'erator *n.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טאר) איינער וואס רופט ארוים ווידער-געבורט; איינער וואס רעפּראדוצירט אדער בענייט; א רעגענעראטאר [א פארריכטונג אין א שמעלץ-אויווען אנצוזאמלען די אויסגענוצטע היץ].

regen'erator-fur'nace *n.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טאר-פויר׳-נעס) א שמעלץ-אויווען מיט א רעגענעראטאר. ז. *regenerator*

regen'eratory *a.* (רי-דזשענ׳-ע-ריי-טא-רי) ווידער-געבעהרענד, וואס רופט ארוים ווידער-געבורט, רעפּראדוצירענד, צוריקשטעלענד, בענייענד.

regen'esis *n.* (רי-דזשענ׳-ע-סיס) ז. *regeneracy*

re'gent *a. and n.* (ריע׳-דזשענט) רעגיערענד, הערשענד; וואס איז א רעגענט אדער רעגענטין [איינער אדער איינע וואס פיהרט א מלוכה אנשטאט א הערשער צוליעב זיין אבוועזענהייט, אונפעהיגקייט אדער מינדעריעהריגקייט]; א הערשער, א רעגיערער; אנטייל-נעהמענד אין דער פערוואלטונג פון אן אוניווערזיטעט; א רעגענט, א רעגענטין; א מיטגליעד פון אן אוניווערזיטעטס-פערוואלטונג.

re'gent-bird *n.* (ריע׳-דזשענט-בוירד) דער רעגענט-פויגעל [אזא אויסטראלישער פויגעל מיט סאמעט-שווארצע און גאלד-געלבע פעדערען].

re'gentess *n.* (ריע׳-דזשענ-טעס) א רעגענטין. ז. *regent*

re'gent-o'riole *n.* (ריע'-דזשענט-או'-רי-אול) ז. *regent-bird*.

re'gentship *n.* (ריע'-דזשענט-שיפ) רעגענטשאפט. ז. *regency*.

reger'minate *v.* (רי-דזשויר'-מי-נייט) וויעדער אויפשפראצען.

regermina'tion *n.* (רי-דזשויר-מי-ניי'-שאן) א וויעדער=אויפשפראצונג.

reg'icidal *a.* (רעדזש'-אי-סאי-דעל) וואס איז שייך צו א קעניג=מארד אדער קעניג=מערדער.

reg'icide *n.* (רעדזש'-אי-סאיד) א קע=ניג=מארד; א קעניג=מערדער.

regild' *v.* (רי-גילד') איבערגילטען.

régime' *n.* (ריי-זשיעם') 1. א רעזשים, א סיסטעם אדער פארם פון רעגיערונג אדער פערוואלטונג; 2. א רעגיערונגס=ארדנונג, א מלוכה=פערוואלטונג.

1. The new manager instituted a different **régime** in the office. 2. The Modero **régime** in Mexico was overthrown by a revolution.

reg'imen *n.* (רעדזש'-אי-מען) א רע=גיערונגס=ארדנונג, א רעגיערונגס=סיסטעם, א רעגיערונגס=פארם; א כלל אדער פאר=שריפט ווי זיך אויפצופיהרען, בעזאנדערס וועגען דער אבהיטונג פון דעם געזונד; דיעטע, נאהרונגס=סיסטעם; היגיענע, גע=זונדהייטס=פארשריפטען; די וואהל פון שפייזען ביי חיות; אין גראמאטיק — סמיכות, די אבהענגינקייטס=פערהעלטניס פון איין ווארט אין בעצוג צו א צווי=טען [די ענדערונג וואס ווערט געמאכט אין א ווארט, ווען עס קומט אין פערבינ=דונג מיט א צווייטען]; דאס ווארט וואס ווערט געענדערט צוליעב זיין פערבינדונג מיט א צווייטען ווארט.

reg'iment *n. and v.* (רעדזש'-אי-מענט) א רעגימענט, א פאלק סאלדאטען; בילדען א רעגימענט, איינטיילען סאלדא=טען אין רעגימענטען אדער פאלקען.

regimen'tal *a.* (רעדזש-אי-מענ'-טעל) וואס געהערט צו א רעגימענט אדער פאלק.

regimen'tals *n.* (רעדזש-אי-מענ'-טעלז) מיליטער=קליידער, א מיליטער=מונ=דיר, א סאלדאטען=אוניפארם.

regimenta'tion *n.* (רעדזש-אי-מענ-טיי'-שאן) דאס פארמירען רעגימענטען, דאס איינטיילען אין פאלקען.

regim'ina *n.* (רי-דזשימ'-אי-נא) רע=גיערונגס=סיסטעמען; כללים אדער פאר=שריפטען; דיעטען; ווערטער וואס ווע=רען געענדערט אין פערבינדונג מיט אנ=דערע ווערטער. ז. *regimen*.

regim'inal *a.* (רי-דזשימ'-אי-נעל) וואס איז שייך צו רעגיערונגס=סיסטעמען; וואס איז שייך צו דיעטע; וואס איז שייך צו כללים אדער פארשריפטען [הויפטזעכ=ליך וועגען היגיענע]; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו די ענדערונגען פון ווער=טער צוליעב פערבינדונגען מיט אנדערע ווערטער. ז. *regimen*.

re'gion *n.* (ריע'-דזשאן) א רעגיאן, א געגענד, א געביעט; א ארט, א פלאץ; אן ארט אדער טייל פון קערפער; די איינוואהנער פון א געגענד אדער געביעט.

re'gional *a.* (רי'-דזשאנ-על) וואס איז שייך צו א בעשטימטען רעגיאן, גע=גענד אדער געביעט; וואס איז שייך צו דער טיילונג אין רעגיאנען.

re'gionally *adv.* (רי'-דזשאנ-על-אי) אין בעצוג צו א געוויסען רעגיאן, געגענד אדער געביעט.

re'gionary *a.* (רי'-דזשאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א רעגיאן אדער רעגיאנען.

reg'ister *n. and v.* (רעדזש'-אים-טער) א רעגיסטער, א רייסטער, א פערצייכנים; א פראטאקאל, א פראטאקאל=בוך, א רע=גיסטער=בוך; א דאקומענט וואס ווערט ארויסגעגעבען פון צאל=אמט [טאמאזש=נע] צו א שיף אלס בעשטעטיגונג פון וואס פאר א לאנד זי קומט; דער אומ=פאנג אדער די גרויס פון א שטימע, דער טאן=אומפאנג פון א מוזיקאלישען אינ=סטרומענט; דער טאן=רעגיסטער פון א שטימע אדער מוזיקאלישען אינסטרומענט; אן ארגעל=רעגיסטער; א פארריכטונג צו פערצייכענען אויטאמאטיש די צאהל אומ=דרעהונגען פון א מאשין, דעם דאמפף=דרוק, די צאהל געמאכטע ארבייט א. ד. ג.; א צוג=שיעבער [א פארריכטונג צו רעגולירען דעם דורכגאנג פון לופט אדער ווארימקייט]; אן אויווען=קלאפע, א קוי=מען=שיעבער; אין דרוקעריי — די גענויע גלייכע אויסשטעלונג פון די שורות אויף ביידע זייטען פון בלאט; די פינקטליכע איינשטעלונג פון די פארבען ביי פארבען=דרוקעריי; דער אינוועניגסטער טייל פון א מאטריצע [פורם] אין וועלכער דרוק=שריפט ווערט אבגעגאסען; א בענדעל וואס ווערט בעהעפט צו א בוך אלס א לעזע=צייכען; א רעגיסטראטאר, איינער וואס רעגיסטרירט, טראגט אריין אין א רייסטער; א פערצייכנער; א פראטאקאל=שרייבער; רעגיסטרירען; פראטאקאלי=רען, פערשרייבען; אריינטראגען אין די ביכער, אריינטראגען דעם נאמען אין רייס=טער; זיך פערשרייבען, זיך רעגיסטרי=רען; אין דרוקעריי — אויסשטעלען גע=נוי גלייך די שורות אדער די עמודים אויף ביידע זייטען פון בלאט; איינשטע=לען פינקטליך די פארבען אין פארבען=דרוקעריי; צונויפדרעהען איינצעלנע פע=דים אין א שטריק.

reg'isterable *a.* (רעדזש'-אים-טער-עבל) וואס קען רעגיסטרירט ווערען.

reg'istered *a.* (רעדזש'-אים-טערד) רע=גיסטרירט, אריינגעטראגען אין א רייסטער אדער אין א בוך; פערשריבען.

reg'istered bond (רעדזש'-אים-טערד באנד) א רעגיסטרירטע אבליגאציאן [אן אבליגאציאן (שולד=פאפיער) פון א שטאאט אדער פון א קארפאראציאן וואס ווערט פערשריבען אין די ביכער אויף דעם נא=מען פון דעם צו וועמען זי ווערט ארויס=געגעבען.].

reg'istered let'ter (רעדזש'-אים-טערד לעט'-ער) א רעגיסטרירטער אדער רעקא=מענדירטער בריעף, א זאקאזנאיער בריעף [א בריעף וואס ווערט פערשריבען אין די ביכער פון פאסט=אמט און פאר וועלכען די פאסט נעהמט די פעראנטווארטליכקייט, אז ער וועט צוגעשטעלט ווערען צום אד=רעסאט].

reg'ister-grate *n.* (רעדזש'-אים-טער-גרייט) א קאמין מיט א צוג=שיעבער [צו רעגולירען די ווארימקייט].

reg'ister in bank'ruptcy (רעדזש'-אים-טער אין בענק'-ראפט-סי) ז. *bankruptcy commissioner*.

reg'istering *n.* (רעדזש'-אים-טער-אינג) ז. *registration*.

reg'istering thermom'eter (רעדזש'-אים-טער-אינג טהויר-מאמ'-ע-טער) אן אויטאמאטיש רעגיסטרירענדער טהערמא=מעטער [א טהערמאמעטער וואס פערציי=כענט אויטאמאטיש די העכסטע אדער נידריגסטע טעמפעראטור].

reg'ister of deeds (רעדזש'-אים-טער אוו דיעדז) א בעאמטער וואס דארף רע=גיסטרירען [פערשרייבען אין די ביכער] יעדען קויף און פערקויף פון לאנד אדער הייזער אין א געוויסען דיסטריקט.

reg'ister-of'fice *n.* (רעדזש'-אים-טער-אפ'-אים) א רעגיסטריר=קאנטאר; א קאנ=טאר וואו רעגיסטערס, פראטאקאלען אדער רייסטערס ווערען געהאלטען; אן אגענטור וואס שטעלט צו הויז=בעדיענטע.

reg'istership *n.* (רעדזש'-אים-טער-שיפ) דאס אמט פון א רעגיסטראטאר. ז. *registrar*.

reg'istrable *a.* (רעדזש'-אים-טרעבל) וואס קען רעגיסטרירט ווערען.

reg'istrar *n.* (רעדזש'-אים-טראר) א רע=גיסטראטאר; א פערשרייבער; א פראטא=קאל=פיהרער; א סעקרעטער פון אן או=ניווערזיטעטס=פערוואלטונג.

reg'istrarship *n.* (רעדזש'-אים-טראר-שיפ) ז. *registership*.

reg'istrary *n.* (רעדזש'-אים-טרע-רי) ז. *registrar*.

registra'tion *n.* (רעדזש-אים-טריי'-שאן) די רעגיסטרירונג, דאס אריינטרא=גען אין א בוך, די איינשרייבונג; די פרא=טאקאלירונג; דאס אנשטעלען דעם ארגעל=רעגיסטער.

registra'tional *a.* (רעדזש-אים-טריי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו רעגיסטרירונג.

reg'istry *n.* (רעדזש'-אים-טרי) די רע=גיסטרירונג, פראטאקאלירונג, די איינ=שרייבונג, דאס איינטראגען אין די ביכער; א רעגיסטרירונגס=ארט, א פערשרייב=ארט; א רעגיסטער, א פערצייכנים; א פראטא=קאל.

re'gium do'num (רי'-דזשי-אם דאו'-נאם) א קעניגליכער געשענק; דער ביי=טראג פון דער ענגלישער רעגיערונג וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען צו אונטער=שטיצען די פרעסביטעריאנישע גייסטליכע אין אירלאנד.

re'gius profes'sor (רי'-דזשי-אם פרא-פעס'-אר) א קעניגליכער פראפעסאר [א פראפעסאר אין אן ענגלישען אוניווערזי=טעט וואס פערנעהמט א פראפעסאר=שטעלע וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען פון דעם קעניג הענרי דעם 8טען].

regive' *v.* (רי-גיוו') צוריקגעבען.

reg'let *n.* (רעג'-לעט) א זאץ=שטעג [א דין האלץ=ברעטעל וואס ווערט געלעגט צווישען די שורות פון גרויסע בוכשטאבען=זאץ ברייטער אבצוטיילען איין שורה פון דער אנדערער]; אין ארכיטעקטור—א שמאלער פלאכער לייסט אדער געזימס וואס ווערט בענוצט אלס פערציערונג אדער אבצוטיי=לען געוויסע טיילען פון דער געביידע איי=נע פון די אנדערע.

reglow' *v. and n.* (רי-גלאו') וויעדער אויפגליהען; א וויעדער=אויפגליהונג. ז. *recalescence*.

reg'nal *a.* (רעג'-נעל) וואס איז שייך צו דער רעגיערונג פון א מאנארך.

reg'nal years (רעג'-נעל יירז) די רע=גיערונגס=יאהרען פון א מאנארך.

reg'nancy *n.* (רעג'-נענ-סי) דאס הער=שען.

reg'nant *a.* (רעג'-נענט) רעגיערענד; הערשענד.

reg'num *n.* (רעג'-נאם) א צייכען פון קעניגליכקייט; א קרוין.

regraft' *v.* (רי-גרעפט') וויעדער מרכיב זיין [אריינזעצען א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען].

regrant' *v. and n.* (רי-גרענט') וויע=דער געבען, פון דאס ניי בעוויליגען; דאס געבען אדער בעוויליגונג פון דאס ניי.

regrate' *v.* (רי-גרייט') העקערען, פער=

קויפען אין דעטאיל [לאחדים]; אויפקוי=
פען לעבענס=מיטעל און ווידער פערקוי=
פען פאר א העכערען פרייז; אבפוצען א
שטיין.

regra'ter *n.* (רי-גריי'-טער) א קליין=
הענדלער, א דעטאיל=פערקויפער, א
לאחדים'ניק; אן אויפקויפער פון לעבענס=
מיטעל אויף'ן מארק צו פערקויפען לאחדים
אויף דעמזעלביגען מארק.

regra'tor *n.* (רי-גריי'-טאר)
ז. *regrater*

regreet' *v. and n.* (רי-גריעט') וויע=
דער גריסען; גריסען צוריק; א געגען=
גרוס, א צוריקגריסונג; א בעגריסונג.

regress' *v.* (רי-גרעס') צוריקקעהרען,
צוריקגעהן, זיך צוריק אומקעהרען; אין
אסטראנאמיע — זיך בעוועגען פון מזרח
צו מערב.

re'gress *n.* (רי'-גרעס) א ריקקעהר, א
ריקגאנג; א ריקטריט, א ריקשריט.

regres'sion *n.* (רי-גרעש'-אן) א צוריק=
קעהרונג; א ריקקעהר; א ריקגאנג; א
ריקטריט, א ריקשריט; אין אסטראנא=
מיע — א ריקלויפיגע בעוועגונג, א בעווע=
גונג פון מזרח צו מערב.

regres'sive *a.* (רי-גרעס'-איוו) צוריק=
קעהרענד; צוריקטרעטענד, צוריקשטריי=
טענד; ריקגענגיג.

regres'sively *adv.* (רי-גרעס'-איוו-לי)
צוריקגעהענדיג, צוריקטרעטענדיג; ריק=
גענגיג.

regret' *v. and n.* (רי-גרעט') בעדויע=
רען; חרטה האבען, בערייהען; בענקען,
צוריקווינשען; דאס בעדויערען; קומער,
פערדרוס; אן אויסדרוק פון בעדויערען;
אן ענטשולדיגונגס=בריעף וואו עס ווערט
אויסגעדריקט א בעדויערען פאר ניט קע=
נען אננעהמען אן איינלאדונג.

regret'ful *a.* (רי-גרעט'-פול) פול מיט
בעדויערען.

regret'fully *adv.* (רי-גרעט'-פול-אי)
מיט בעדויערען.

regrets' *n.* (רי-גרעטס') אן אויסדרוק
פון בעדויערונג.

regret'table *a.* (רי-גרעט'-עבל) בע=
דויערליך.

regret'tably *adv.* (רי-גרעט'-ע-בלי)
מיט בעדויערען.

regrowth' *n.* (רי-גראוטה') דאס וויע=
דער וואקסען; דאס וואקסען פון דאס ניי.

reg'ulable *a.* (רעג'-יו-לעבל) רעגוליר=
באר, וואס קען רעגולירט ווערען.

reg'ular *a. and n.* (רעג'-יו-לאר) רע=
גולער, רעגולארנע, רעגעלמעסיג; רעגעל=
רעכט, מעטאדיש; סימעטריש, נארמאל;
געהעריג, טיכטיג, דורך און דורך, פאל=
שטענדיג; וואס איז לויט דעם אנגענומע=
נעם כלל; וואס איז אנגענומען אלס געזעץ
אדער כלל; פערמאנענט, בעשטענדיג; וואס
בעלאנגט צו דער רעגולערער ארמעע; וואס
איז שייך צו א מאנאכען=ארדען; א מיט=
גליעד פון א מאנאכען=ארדען; א סאלדאט
פון דער רעגולערער ארמעע; איינער וואס
האט א רעגולערע בעשעפטיגונג.

reg'ular cler'gy (רעג'-יו-לאר קלויר'-
דזשי) גייסטליכע וואס בעלאנגען צו א
מאנאכען=ארדען.

regular'ity *n.* (רעג-יו-לער'-אי-טי)
דאס זיין רעגולאר; רעגעלמעסיגקייט; רע=
געלרעכטיגקייט.

reg'ularize *v.* (רעג'-יו-לאר-איז)
בריינגען אין געהעריגער ארדנונג; מאכען
רעגולער.

reg'ularly *adv.* (רעג'-יו-לאר-לי) אויף
א רעגולערען אופן; רעגעלמעסיג; רע=
גולאר.

reg'ularness *n.* (רעג'-יו-לאר-נעס)
ז. *regularity*

reg'ulatable *a.* (רעג'-יו-ליי-טעבל)
רעגולירבאר, וואס קען רעגולירט ווערען.

reg'ulate *v.* (רעג'-יו-לייט) 1. רעגולי=
רען; 2. איינרעגולירען; בריינגען אדער
האלטען אין ארדנונג; 3. שליכטען, אויס=
גלייכען.

1. The law **regulates** the hours of labor in factories for women and children.

reg'ulating *n.* (רעג'-יו-ליי-טינג) דאס
רעגולירען; דאס בריינגען אין דער גע=
העריגער ארדנונג; דאס צונויפשטעלען אן
אייזענבאהן=צוג איידער ער ווערט געלאזען
אין וועג.

regula'tion *n. and a.* (רעג-יו-ליי'-
שאן) די רעגולירונג, דאס רעגולירען, דאס
בריינגען אין ארדנונג; א רעגולאציאן, א
פעראָרדנונג, א פארשריפט; א סטאטוט,
א געזעץ; וואס האט א בעשטימטען סטיל
אדער ארט; לויט א געוויסען רעגעל אדער
כלל.

reg'ulative *a.* (רעג'-יו-ליי-טיוו) וואס
רעגולירט, וואס דיענט צו רעגולירונג; רע=
גולירענד.

Regulator

reg'ulator *n.* (רעג'-יו-
ליי-טאר) א רעגולירער, אן
איינארדנער; אין מעכאניק—
א רעגוליר=פארריכטונג, א
רעגולאטאר [א מעכאנישע
פארריכטונג צו רעגולירען די
גלייכמעסיגקייט פון בעווע=
גונג, פון דער טעמפעראטור,
קראפט א. ד. ג.]; א זייגער
וואס די גלייכמעסיגקייט פון
זיין גאנג ווערט אויטאמא=
טיש רעגולירט.

reg'ulatory *a.* (רעג'-יו-ליי-טא-רי)
ז. *regulative*

reg'ulus *n.* (רעג'-יו-לאס) דאס קעני=
געל [א געוויסער אייראפעאישער פויגעל
מיט א גאלד=פארביגען טשוב אויף'ן
קאפ]; די ריינע מעטאל=מאסע וואס לאזט
זיך אראב צום דעק פון דער כלי אין וועל=
כער עס ווערען געשמאלצען מעטאל=שלא=
קען [פסלת]; א צווישען פראדוקט, וועל=
כער בעשטעהט פון מעטאל סולפיד [מע=
טאל פערבונדען מיט שוועבעל] וואס
ווערט ערהאלטען פון שמעלצען קופער=
ערץ, בליי=ערץ, זילבער=ערץ און ניקעל=
ערץ; אין אלכעמיע — די מעטאל=מאסע
וואס בעקומט זיך פון פיזישער אדער כע=
מישער ווירקונג אויף מעטאל=ערץ; אין
געאמעטריע — א גראד=ליניִרטע פלעכע
אהן דורכשניטס=ליניען.

Reg'ulus *n.* (רעג'-יו-לאס) דער רעגו=
לוס, אזא זעהר ווייסער שטערען, וועלכער
געפינט זיך אין דער קאנסטעלאציאן אדער
שטערען=צוזאמענזעצונג "דער לייב" [מזל
אריה]; דער מין קעניגעל פויגלען.
ז. *regulus*

regur'gitant *a.* (רי-גויר'-דזשי-
טענט) וואס גיסט זיך צוריק, וואס ווערט
צוריקגעגאסען; וואס שטויסט אויף; וואס
ווערט צוריק אראבגעשלונגען.

regur'gitate *v.* (רי-גויר'-דזשי-טייט)
צוריקגיסען; צוריקווארפען; צוריק ארויפ=
געשטויסען ווערען, צוריק געגאסען ווערען.

regurgita'tion *n.* (רי-גויר-דזשי-טיי'-
שאן) די צוריקגיסונג; די צוריק=אויפ=
שטויסונג [ווי ביים עסען אדער טרינ=
קען]; דאס צוריקשלינגען; דאס ברע=
כען ביי זויגענדע קינדער; דאס אויפ=
שטויסען פון געטרענקע אדער טיילען
שפייז צוריק אין מויל; די צוריקפליסונג
פון בלוט דורך די הארץ=ווענטילען, ווען
זיי זיינען ניט אין ארדנונג.

rehabil'itate *v.* (רי-הע-ביל'-אי-טייט)
רעאבילִיטירען, צוריק אומקעהרען צו די
פריהערדיגע רעכטע, צום פריהערדיגען
שטאנד, צו דער פריהערדיגער עהרע א.
ד. ג.

rehabilita'tion *n.* (רי-הע-ביל-אי-
טיי'-שאן) רעאבילִיטירונג, דאס צוריק
אומקעהרען צו די פריהערדיגע רעכטע,
צום פריהערדיגען שטאנד, לאגע א. ד. ג.

rehan'dle *v.* (רי-הענ'דל) ווידער האל=
טען אין די הענד, ווידער האבען צו
טהאן מיט עטוואס; איבערמאכען.

rehash' *v. and n.* (רי-העש') איבער=
מאכען, איבעראַרבייטען אין א נייער
פארם; אן איבערגעמאכטע אדער איבער=
געניצעוועטע זאך; א געריכט וואס איז
צונויפגעמישט פון שוין גענוצטע מאטע=
ריאלען.

rehead' *v.* (רי-העד') צומאכען פון דאס
ניי א קעפעל [ווי צו א טשוואק].

rehear' *v.* (רי-היער') ווידער הערען,
פון דאס ניי הערען; נאך אמאל פערהערען,
פון דאס ניי אונטערזוכען.

rehear'ing *n.* (רי-היער'-אינג) דאס הע=
רען פון דאס ניי; די נאכאמאליגע פער=
הערונג, רעווידירונג אדער אונטערזוכונג
פון א פראצעס.

rehear'sal *n.* (רי-הויר'-סעל) א וויע=
דערהאלונג; דאס דערצעהלען, ערצעהלונג;
א פראבע, א רעפעטיציע פון א טעאטער=
שטיק אדער מוזיק=שטיק; א פארטראג.

rehearse' *v.* (רי-הוירס') ווידערהאלען;
פארטראגען, דערצעהלען; מאכען פראבע,
מאכען רעפעטיציע [פון א טעאטער=שטיק
אדער מוזיק=שטיק].

rehear'ser *n.* (רי-הויר'-סער) א דער=
צעהלער, א פארטראגער.

rehear'sing *n.* (רי-הויר'-סינג)
ז. *rehearsal*

reheat' *v.* (רי-היעט') ווידער דער=
היצען.

rehea'ter *n.* (רי-היע'-טער) א ווידער=
דערהיצער, אן אפאראט צו דערהיצען
פון דאס ניי.

rehea'ting-fur'nace *n.* (רי-היע'-
טינג-פויר'-נעס) א שוויים=אויוועז [אן
אויווען צו דערהיצען אייזען וואס דארף
געוואלצט ווערען].

reheel' *v.* (רי-היעל') בעזארגען פון דאס
ניי מיט קנאפעל; ווידער ארייננשטריקען
א פיאטקע [קולנע] אין א זאק.

rehire' *v.* (רי-האיר') ווידער דינגען.
We shall not **rehire** the discharged servant.

rehy'bridize *v.* (רי-האי'-ברי-דאיז)
ווידער אויסמישען אדער צונויפפארען
פערשיעדענע מינים [חיות אדער פלאנ=
צען].

rehypoth'ecate *v.* (רי-האי-פאטה'-אי-
קייט) געבען א צווייטען מאל אלס היפא=
טעקע אדער זאקלאדנע; פערזיכערען א
חוב מיט גרונד=אייגענטום, וואס איז שוין
פערזעצט אלס משכון פאר אן אנדער חוב.

rehypotheca'tion *n.* (רי-האי-פאטה-
אי-קיי'-שאן) דאס ווידער=פערזעצען
אדער פער'משכון'ען; דאס געבען א צוויי=
טען מאל אלס היפאטעקע אדער זאקלאדנע.

re'i *n.* (רי'-אי) די — אין יוריספרודענץ
אנגעקלאגטע. ז. *reus*

Reichs'rath *n.* (ראיכס'-ראט) דער
רייכסראט, דער עסטרייכישער פארלא=
מענט.

Reichs'tag *n.* (ראיכס'-טאך) דער רייכסטאג, דער דייטשער פארלאמענט.

re'ify *v.* (רי'-אי-פאי) פערקערפערען, פערזאניפיצירען; פארשטעלען אדער בעטראכטען [אן אבסטראקטען בעגריף] אלס א מאטעריעלע זאך.

reign *v. and n.* (ריין) רעגיערען; הערשען; די רעגיערונג, דאס רעגיערען; מאכט, הערשונג.

Reign of Ter'ror (ריין אוו טער'-אר) דער טעראר אדער שרעקען=הערשאפט [א פאליטישע סיסטעם, וואס דערגרייכט איהרע ציעלען דורך אכזר'ישע מיטלען, וועלכע ווארפען אן א שרעק, ווי למשל, דער טעראר אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן].

reillume' *v.* (רי-אי-ליום') ווידער בעלייכטען, ווידער אילומינירען.

reillu'minate *v.* (רי-אי-ליו'-מי-נייט) ווידער אילומינירען, ווידער בעלייכטען.

reillumina'tion *n.* (רי-אי-ליו-מי-ניי'-שאן) דאס ווידער בעלייכטען.

reimbur'sable *a.* (רי-אים-בויר'-סעבל) צוריקצאהלבאר, צוריקקעהרבאר, וואס קען צוריק ארויסגעצאהלט ווערען.

reimburse' *v.* (רי-אים-בוירס') ווידער אנפילען די קאסע; צוריק אומקעהרען דאס פערלארענע געלד.

reimburse'ment *n.* (רי-אים-בוירס'-מענט) די צוריקצאהלונג; דאס ווידער אנפילען די אויסגעלעדיגטע קאסע.

reimbur'ser *n.* (רי-אים-בויר'-סער) דער צוריקצאהלער; איינער וואס קעהרט אום דאס פערלארענע אדער אויסגעבראכטע געלד.

reimplant' *v.* (רי-אים-פלענט') ווידער איינפלאנצען.

reimplanta'tion *n.* (רי-אים-פלענ-טיי'-שאן) דאס צוריק איינפלאנצען; דאס צוריק אריינשטעלען אויף זיין ארט א ביין אדער א טייל פון א ביין, וואס איז ארויסגענומען געווארען דורך א כירורגישער אפעראציע.

reimport' *v.* (רי-אים-פאורט') ווידער אריינפיהרען [אויסלענדישע וואארע]; בריינגען צוריק.

reim'port *n.* (רי-אים'-פאורט) דאס ווידער אריינפיהרען [אויסלענדישע סחורות]; דאס בריינגען צוריק.

reimporta'tion *n.* (רי-אים-פאר-טיי'-שאן) די ווידער=אריינפיהרונג [פון אויסלענדישע וואארע]; דאס וואס ווערט ווידער אריינגעפיהרט.

reimportune' *v.* (רי-אים-פאר-טיון') ווידער בעלעסטיגען, ווידער דאקוטשען, ווידער צודרינגליך זיין.

reimpose' *v.* (רי-אים-פאוז') ווידער ארויפלעגען [א שטייער, א טאקסע, א לאסט].

reimposi'tion *n.* (רי-אים-פא-זיש'-אן) דאס ווידער ארויפלעגען [א שטייער].

reimpreg'nate *v.* (רי-אים-פרעג'-נייט) ווידער בעפרוכטען [א נקבה]; ווידער שוואנגער מאכען; ווידער אנזאפען מיט עפעס.

reimpress' *v.* (רי-אים-פרעס') ווידער איינדריקען; ווידער אבדרוקען.

reimpres'sion *n.* (רי-אים-פרעש'-אן) א נייער אבדרוק; א נייע אויפלאגע פון א בוך.

reimprint' *v.* (רי-אים-פרינט') איבערדרוקען א צווייטען מאל.

reimpris'on *v.* (רי-אים-פריז'ן) ווידער אריינזעצען אין געפענגנים.

reimpris'onment *n.* (רי-אים-פריז'נ-מענט) דאס ווידער איינשפארען אין געפענגנים.

rein *n. and v.* (ריין) א לייצע; די איינצוימונג, די איינהאלטונג; דאס האלטען די ממשלה; קירעווען מיט די לייצעס; האלטען אין צוים, צוריקהאלטען.

reinau'gurate *v.* (רי-אין-אה'-גיו-רייט) ווידער אמאל איינווייהען, ווידער אמאל איינפיהרען אין אמט.

reincar'nate *v.* (רי-אין-קאר'-נייט) ווידער איינקערפערען אין פלייש; ווידער בעדעקען מיט פלייש.

reincarna'tion *n.* (רי-אין-קאר-ניי'-שאן) דאס ווידער איינקערפערען אין פלייש.

reincense' *v.* (רי-אין-סענס') ווידער אנצינדען; ווידער אויפרייצען.

reincite' *v.* (רי-אין-סאיט') ווידער ערמוטיגען, ווידער אנרעגען.

reincor'porate *v.* (רי-אין-קאהר'-פא-רייט) ווידער איינקערפערען, איינפערלייבען אדער פעראייניגען.

reincrease' *v.* (רי-אין-קריעס') ווידער פערגרעסערען אדער פערמעהרען; מעהר פערשטארקען.

rein'deer *n.* (ריינ'-דיער) דאס רענטהיער [דער הירש פון די נארדליכע קאלטע לענדער].

Reindeer

rein'deer-li'chen *n.* (ריינ'-דיער-לאי'-קען) ז. *reindeer-moss*.

rein'deer-moss *n.* (ריינ'-דיער-מאס) רענטהיער=מאך [אזא זארט מאך וואס וואקסט אין די קאלטע געגענדען און וואס דיענט אלס שפייז פאר די דארטיגע הירשען].

reinduce' *v.* (רי-אין-דיוס') ווידער בעוועגען צו עפעס.

reinfect' *v.* (רי-אין-פעקט') ווידער אנשטעקען [מיט א קראנקהייט].

reinfec'tion *n.* (רי-אין-פעק'-שאן) ווידער=אנשטעקונג [מיט א קראנקהייט].

reinflame' *v.* (רי-אין-פליים') ווידער אנצינדען; ווידער פאנאנדערפלאקערען; פון דאס ניי אנצינדען אין פלאמען.

reinforce' *v. and n.* (רי-אין-פאורס') ווידער פערשטארקען; שטארקער מאכען; פערפעסטיגען; א פערשטארקונג, א פערפעסטיגונג.

reinforce'ment *n.* (רי-אין-פאורס'-מענט) א ווידער=פערשטארקונג; א פרישע פערשטארקונג; א צוגעגעבענע פערפעסטיגונג; הילפס=טרופען צו פערשטארקען אן ארמעע אדער א פלאטע.

reinfor'cer *n.* (רי-אין-פאור'-סער) א פערשטארקער, א פערפעסטיגער.

reinfor'cible *a.* (רי-אין-פאור'-סיבל) וואס קען פון דאס ניי פערשטארקט אדער פערפעסטיגט ווערען.

reinform' *v.* (רי-אין-פאהרם') ווידער אינפארמירען, ווידער מיטטיילען, ווידער צו וויסען געבען.

reinfuse' *v.* (רי-אין-פיוז') ווידער איינפליסען.

reingra'tiate *v.* (רי-אין-גריי'-שי-אייט) ווידער בעליעבט מאכען, ווידער איינקויפען אין חן.

reinhab'it *v.* (רי-אין-העב'-איט) ווידער בעוואהנען, ווידער בעזעצען.

rein'less *a.* (ריינ'-לעס) אהן לייצעס, אהן א צוים; אהן צוריקהאלט.

reinocula'tion *n.* (רי-אין-אק-יו-ליי'-שאן) דאס ווידער איינאימפפען [ווי שטעלען נאך אמאל פאקען א. ד. ג.]; דאס ווידער איינשפריצען אונטער דער הויט; דאס ווידער מרכיב זיין [אריינזעצען איין צווייג פון א בוים אין דעם אנדערען].

reins *n.* (ריינז) די ניערען; דאס ארט אדער די געגענד פון קערפער וואו די ניערען געפינען זיך; דאס געפיהל, דער געמיטס=צושטאנד, די געזינונג.

reinscribe' *v.* (רי-אין-סקראיב') ווידער איינשרייבען, נאך אמאל רעגיסטרירען.

reinsert' *v.* (רי-אין-סוירט') ווידער אריינשטעלען, ווידער אריינזעצען; ווידער אריינשיבען אדער אריינרוקען.

reinser'tion *n.* (רי-אין-סויר'-שאן) דאס ווידער אריינשטעלען, אריינשיעבען אדער אריינרוקען.

reins'man *n.* (ריינז'-מען) איינער וואס קען האלטען די לייצעס; אן אנטרייבער.

reins of a vault (ריינז אוו ע וואהלט) אין ארכיטעקטור — די ווענט אויף וועלכע עס שטיצט זיך א געוועלב אדער ארקע.

reinspect' *v.* (רי-אין-ספעקט') ווידער בעזיכטיגען, ווידער בעקוקען.

reinspec'tion *n.* (רי-אין-ספעק'-שאן) די ווידער=בעזיכטיגונג; דאס ווידער בעקוקען.

reinspire' *v.* (רי-אין-ספאיר') ווידער בעגייסטערען, פון דאס ניי בעלעבען.

reinstal' *v.* (רי-אין-סטאהל') ז. *reinstall*.

reinstall' *v.* (רי-אין-סטאהל') ווידער איינזעצען אין אמט; ווידער עטאבלירען.

reinstall'ment *n.* (רי-אין-סטאהל'-מענט) ז. *reinstalment*.

reinstal'ment *n.* (רי-אין-סטאהל'-מענט) די ווידער=איינזעצונג אין אמט; די ווידער=עטאבלירונג.

reinstate' *v.* (רי-אין-סטייט') ווידער בריינגען צום פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; ווידער אנשטעלען אויף דעם פריהערדיגען פלאץ; אין פייער=פערזיכערונג — אבקויפען אנדערע זאכען אויף דעם ארט פון די בעשעדיגטע, צורעכט מאכען דאס בעשעדיגטע אייגענטום אנשטאט צו בעצאהלען.

reinstate'ment *n.* (רי-אין-סטייט'-מענט) דאס בריינגען צוריק צו דעם פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; דאס אנשטעלען צוריק אויף דעם פריהערדיגען פלאץ; אין פייער=פערזיכערונג — דאס אבקויפען אנדערע זאכען אויף דעם ארט פון די בעשעדיגטע, דאס צורעכט מאכען דאס בעשעדיגטע אייגענטום אנשטאט צו בעצאהלען.

reinsta'tion *n.* (רי-אין-סטיי'-שאן) דאס בריינגען צוריק צו דעם פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; דאס אנשטעלען צוריק אויף דער פריהערדיגער שטעלע.

reinstruct' *v.* (רי-אין-סטראקט') ווידער בעלעהרען; געבען נייע אינסטרוקציאנען.

reinsur'ance *n.* (רי-אין-שוהר'-ענס) ווידער=פערזיכערונג, ווידער=אסעקורירונג; ריקפערזיכערונג אדער געגען=פערזיכערונג [ווען דער פערזיכערער פערזיכערט זיך אליין ביי אן אנדערען פאר דעם שא=

דען, וואס קען איהם אויסקומען צו צאהלען].

reinsure' *v.* (רי-אינ-שוהר') ווידער פערזיכערען, ווידער אסעקורירען; ריק־פערזיכערען אדער געגען־פערזיכערען. ז. *reinsurance*

reinsur'er *n.* (רי-אינ-שוהר'-ער) איינער וואס פערזיכערט אדער אסעקורירט א צווייטען מאל.

rein'tegrate *v.* (רי-אינ'-טי-גרייט) ווידער צונויפנעהמען אין איין גאנצעם; ווידער פערפאלשטענדיגען; ווידער אומקעהרען צום געוועזענעם צושטאנד אדער צו דער פריהעריגער אייגענשאפט.

reintegra'tion *n.* (רי-אינ-טי-גריי'-שאן) דאס ווידער צונויפנעהמען אין איין גאנצעם; דאס מאכען גאנץ פון דאס ניי.

reinter' *v.* (רי-אינ-טויר') בעגראבען פון דאס ניי, ווידער בעגראבען.

reinter'rogate *v.* (רי-אינ-טער'-א-גייט) פון דאס ניי פרעגען, ווידער פרעגען.

reinthrone' *v.* (רי-אינ-טהראון') פון דאס ניי זעצען אויף'ן טהראן, נאך אמאל קרוינען.

reintroduce' *v.* (רי-אינ-טרא-דיוס') ווידער איינפיהרען, ווידער איינלייטען; ווידער פארשטעלען.

reintroduc'tion *n.* (רי-אינ-טרא-דאק'-שאן) דאס איינפיהרען אדער איינלייטען פון דאס ניי; דאס ווידער פארשטעלען.

reinun'date *v.* (רי-אינ-אנ'-דייט) ווידער איבערפלייצען.

rein up (רייז אפ) אבהאלטען מיט די לייצעם; אבשטעלען [א פערד].

reinvent' *v.* (רי-אינ-ווענט') פון דאס ניי ערפינדען, אונאבהענגיג עטוואס ערפינדען וואס איז שוין פריהער פון אן אנדערען ערפונדען געווארען.

reinvest' *v.* (רי-אינ-וועסט') פון דאס ניי אריינלעגען [געלד, קאפיטאל א. ד. ג.]; פון דאס ניי בעקליידען; ווידער בעקליידען מיט אן אמט.

reinves'tigate *v.* (רי-אינ-ווענ'-טי-גייט) ווידער אונטערזוכען, פון דאס ניי אונטערזוכען.

reinvestiga'tion *n.* (רי-אינ-ווענ-טי-גיי'-שאן) א נאכאמאליגע אונטערזוכונג.

reinvest'ment *n.* (רי-אינ-ווענט'-מענט) די ווידער־בעקליידונג; דאס ווידער אריינלעגען [געלד אדער קאפיטאל אין א געשעפט א. ד. ג.].

reinvig'orate *v.* (רי-אינ-וויג'-אר-אייט) ווידער קרעפטיגען, ווידער שטארקען, ווידער בעלעבען.

reinvigora'tion *n.* (רי-אינ-וויג-א-ריי'-שאן) א ווידער־פערשטארקונג, א ווידער־קרעפטיגונג.

reinvite' *v.* (רי-אינ-וואיט') ווידער איינלאדען, פון דאס ניי איינלאדען.

reinvolve' *v.* (רי-אינ-וואלוו') ווידער פערוויקלען, ווידער אריינשלעפען; פערפלאנטערען פון דאס ניי, ווידער מאכען קאמפליצירט.

reis *n.* (רייס) א קליינע פארטוגעזישע מטבע, וואס האט אונגעפעהר דעם ווערטה פון א צעהנטעל פון אמעריקאנישען סענט.

reis'suable *a.* (רי-איש'-או-עבל) וואס קען פון דאס ניי ארויסגעגעבען ווערען.

reis'sue *v. and n.* (רי-איש'-אוה) ווידער ארויסגעבען, ווידער ארויסלאזען; ווידער ארויסקומען, ווידער ארויסגעהן; א נייע אויסגאבע.

rei'ter *n.* (ראי'-טער) א קאוואלעריע־סאלדאט, א רייטער [אין אלט־דייטשלאנד].

reit'erate *v.* (רי-איט'-ע-רייט) ווידערהאלען נאך אמאל און נאך אמאל, איבער'חזר'ען.

reit'eratedly *adv.* (רי-איט'-ע-ריי-טעד-לי) ווידערהאלענדיג מעהרערע מאל, איבער'חזר'ענדיג.

reitera'tion *n.* (רי-איט-ע-ריי'-שאן) א מעהרמאליגע ווידערהאלונג; אין דרוקעריי — דער ווידער־דרוק [דאס דרוקען די אנדערע זייט פון א בויגען פאפיער].

reit'erative *n.* (רי-איט'-ע-ריי-טיוו) א ווארט וואס איז געבילדעט פון ווידערהאלטע זילבען אדער פון ווידערהאלטע ווערטער [ווי קלינג־קלאנג, פיף־פאף]; א צייטווארט [פעל] וואס דריקט אויס א ווידערהאלטע טהעטיגקייט.

reject' *v.* (רי-דזשעקט') צוריקווארפען, צוריקווייזען; ניט אננעהמען, אבזאגען.

rejec'table *a.* (רי-דזשעק'-טעבל) וואס איז צוריקצואווארפען, פערווערפליך; וואס קען צוריקגעוויזען ווערען.

rejectamen'ta *n.* (רי-דזשעק-טע-מענ'-טא) צוריקגעווארפענע אדער ארויסגעווארפענע זאכען; עקסקרעמענטען, אויסוואורף פון קערפער.

rejec'ted *a.* (רי-דזשעק'-טעד) צוריקגעווארפען.

rejec'ter *n.* (רי-דזשעק'-טער) א צוריקווארפער, א צוריקווייזער, אן אבזאגער.

rejec'tible *a.* (רי-דזשעק'-טיבל) ז. *rejectable*

rejec'tion *n.* (רי-דזשעק'-שאן) די צוריקווארפונג, די צוריקווייזונג, די אבזאגונג.

rejec'tive *a.* (רי-דזשעק'-טיוו) צוריקווארפענד, צוריקווייזענד.

reject'ment *n.* (רי-דזשעקט'-מענט) אוועקגעווארפענעם מאטעריאל, דאס וואס ווערט ארויסגעווארפען.

rejec'tor *n.* (רי-דזשעק'-טאר) א צוריקווייזער, א צוריקווארפער.

rejoice' *v.* (רי-דזשאיס') זיך פרעהען, דערפרעהען.

rejoi'cer *n.* (רי-דזשאי'-סער) איינער וואס פרעהט זיך; איינער וואס דערפרעהט.

rejoi'cing *n. and a.* (רי-דזשאי'-סינג) פרייד, שמחה; זיך פרעהענד, דערפרעהענד.

rejoi'cingly *adv.* (רי-דזשאי'-סינג-לי) מיט פרייד, מיט שמחה.

rejoin' *v.* (רי-דזשאין') ווידער פעראייניגען; ווידער צושטעהן צו א קאמפאניע; ענטפערען, ערווידערען.

rejoin'der *n.* (רי-דזשאינ'-דער) אן ענטפער; א געגען־ענטפער; דער ענטפער פון פערקלאגטען געגען דער קלאגע.

rejoint' *v.* (רי-דזשאינט') ווידער פעראייניגען, פון דאס ניי פערבינדען אדער צונויפשליסען; פון דאס ניי אויספילען די פוגען [ווי אין די שטיינער פון אן אלטער געביידע וואו די וואפנע איז ארויסגעפאלען].

rejolt' *v. and n.* (רי-דזשאולט') ווידער שאקלען אדער שטויסען; א געגען־שטויס.

rejudge' *v.* (רי-דזשאדזש') ווידער משפט'ען, אויפנעהמען דעם משפט פון דאס ניי.

reju'venate *v.* (רי-דזשוה'-ווע-נייט) צוריק יונג מאכען; אבפרישען, בענייען.

rejuvena'tion *n.* (רי-דזשוה-ווע-ניי'-שאן) דאס מאכען צוריק יונג; אבפרישונג; בענייאונג.

reju'venator *n.* (רי-דזשוה'-ווע-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס מאכט יונג אדער פריש.

rejuvenesce' *v.* (רי-דזשוה-ווע-נעס') צוריק יונג ווערען.

rejuvenes'cence *n.* (רי-דזשוה-ווע-נעס'-ענס) דאס ווערען צוריק יונג.

rejuvenes'cency *n.* (רי-דזשוה-ווע-נעס'-ענ-סי) ז. *rejuvenescence*

rejuvenes'cent *a.* (רי-דזשוה-ווע-נעס'-ענט) ווערענדיג צוריק יונג.

reju'venize *v.* (רי-דזשוה'-ווע-נאיז) ז. *rejuvenate*

rekin'dle *v.* (רי-קינ'דל) ווידער אנצינדען, פון דאס ניי אנצינדען.

reking' *v.* (רי-קינג') ווידער מאכען פאר א קעניג.

relade' *v.* (רי-לייד') ווידער אנלאדען.

reland' *v.* (רי-לענד') ווידער לאנדען, ווידער קומען צו לאנד; ווידער אויסשטייגען אויף'ן ברעג.

relap'sable *a.* (רי-לעפ'-סעבל) וואס קען אדער איז גענייגט צוריקצופאלען אדער זיך צוריקצוקעהרען צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד.

relapse' *v. and n.* (רי-לעפס') צוריקפאלען, צוריק זיך אומקעהרען צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד אדער צו פריהריגע שלעכטע געוועהנהייטען; צוריק קראנק ווערען [נאך אן ערהאלונג]; ווידער זינדיג ווערען; א צוריקפאל, א צוריקקעהר צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד אדער געוועהנהייטען; א צוריקקעהר אדער ווידער־אנפאלונג פון א קראנקהייט.

relap'ser *n.* (רי-לעפ'-סער) איינער וואס פאלט צוריק, וואס קעהרט זיך אום צו פריהריגע שלעכטע געוועהנהייטען אדער ווערט ווידער זינדיג.

relap'sing *a.* (רי-לעפ'-סינג) צוריקפאלענד, זיך צוריקקעהרענד צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד, צו שלעכטע געוועהנהייטען אדער צו זינד.

relate' *v. and n.* (רי-לייט') דערצעהלען, בעריכטען; זיך בעציהען, האבען בעצוג אויף, האבען שייכות מיט; מאכען פערוואנדט; בריינגען אין בעציהונג, צושרייבען צו עפעס; עטוואס וואס האט א שייכות אדער געפינט זיך אין לאגישער בעציהונג צו עפעס.

rela'ted *a.* (רי-ליי'-טעד) דערצעהלט; פערוואנדט; וואס געפינט זיך אין וועלכער ניט איז שייכות אדער פערבינדונג.

rela'tedness *n.* (רי-ליי'-טעד-נעס) פערוואנדשאפט.

rela'ter *n.* (רי-ליי'-טער) א דערצעהלער, א בעריכט־אבגעבער; א היסטאריקער, א געשיכטע־שרייבער.

rela'tion *n.* (רי-ליי'-שאן) דערצעהלונג, בעריכט־אבגעבונג; אן ערצעהלונג; א בעריכט; א בעשרייבונג; בעציהונג, פערבינדונג, א שייכות; פערוואנדשאפט, קרובה'שאפט; א קרוב, א קרובה; אין מאטעמאטיק — א פערהעלטניס, א פראפארציאן; אין מוזיק — טאן־פערהעלטניס, טאן־הארמאניע; אין יוריספרודענץ — דאס בעטראכטען א פריהריגע פאסירונג פונקט ווי זי וואלט כלומר'שט פארגעקומען איצטער; אין פילאזאפיע — רעלאציאן [אן אייגענשאפט וואס קען צוגעגעבען ווערען א זאך, נור ווען זי שטעהט אין געגענזייטיגער בעציהונג מיט אן אנדער זאך; יעדע שייכות צווישען זאכען וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק אדער אויסגעדריקט ווערען אין אן אבסטראקטען ווארט, ווי פערוואנדשאפט, מוטערשאפט, גלייכהייט, פערשידענהייט א. ז. וו.].

rela'tional *a.* (רי-ליי'-שאנ-על) פער־

וואנדשאפטליך; 2. וואס ציינט אן בעציהונג, שייכות אדער פערבינדונג [ווענען רעדע=טיילען].

2. Pronouns, prepositions and conjunctions are **relational** parts of speech.

relational'ity *n.* (רי-ליי-שאנ-על'-אי-טי) פערוואנדשאפטליכקייט; בעציהונגס=פעהיגקייט, דאס האבען א פערהעלטניס.

rela'tionism *n.* (רי-ליי'-שאנ-איזם) אין פילאזאפיע — רעלאציאניזם, די לעהרע, אז רעלאציאנען [שייכות'ען, בעציהונגען, אבסטראקטע אויסדריקען] עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט [אין געגענזאץ צו נאמינאליזם. ז. *nominalism*]; די לעהרע, אז דאס מענשליכע וויסען איז נור רעלאטיוו אמת.

rela'tionist *n.* (רי-ליי'-שאנ-איסט) א רעלאציאניסט, אן אנהענגער פון רעלאציאניזם. ז. *relationism*.

rela'tionship *n.* (רי-ליי'-שאנ-שיפ) פערוואנדשאפט, פערוואנדשאפטליכקייט; טאן=פערהעלטניס, טאן=הארמאניע.

rel'atival *a.* (רעל'-ע-טיוו-על) אין גראמאטיק—וואס איז שייך צו רעלאטיווע ווערטער אדער פארמען [וואס ציינען בעציהונג אדער שייכות].

rel'ative *a. and n.* (רעל'-ע-טיוו) וואס בעציהט זיך אויף עפעס, וואס האט א שייכות צו...; רעלאטיוו, ניט אבסאלוט, וואס עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, וואס הענגט אב פון עפעס; וואס איז פערשטענדליך בלויז אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש; וואס בעצייכענט א שייכות אדער רעלאציאן [ז. *relation*]; אין גראמאטיק — רעלאטיוו, וואס בעשטימט, ערקלערט, פערבינדט אדער ציינט א שייכות [ווענען ווערטער און פארמען, ווי למשל, דאס ווארט "וואו" אין דער פראזע: "ער איז געבליבען ליעגען דארט, וואו ער איז אנידערגעפאלען"]; אין מוזיק — וואס האט א הארמאנישע פערבינדונג; עטוואס רעלאטיוועס, עטוואס וואס ווערט בעטראכט אין שייכות מיט אן אנדער זאך; א רעלאטיווער בעגריף; אין גראמאטיק — א רעלאטיוואום, א רעלאטיוו=ווארט; א קרוב.

rel'atively *adv.* (רעל'-ע-טיוו-לי) רעלאטיוו, אין פערגלייך אדער אין שייכות צו אן אנדער זאך, פערהעלטניסמעסיג, ניט אבסאלוט.

rel'ativeness *n.* (רעל'-ע-טיוו-נעס) רעלאטיוויטעט, דאס זיין רעלאטיוו אדער פערהעלטניסמעסיג. ז. *relative*.

rel'ative place (רעל'-ע-טיוו פליים) דער פלאץ פון איין געגענשטאנד אין בעצוג צו אנדערע געגענשטענדע.

rel'ative pleas'ure (רעל'-ע-טיוו פלעזש'-אור) פערהעלטניסמעסיגער פערגניגען [אן עמפפינדונג פון פערגניגען אין פערגלייך מיט א פריהעריגער עמפפינדונג פון פערגניגען].

rel'ativism *n.* (רעל'-ע-טיוו-איזם) רעלאטיוויזם, די לעהרע, אז אלע ערקענטניס=וואהרהייטען זיינען רעלאטיוו, ד. ה. זיי זיינען וואהרהייטען בלויז אין בעצוג צו אונזער אייגענער ערפאהרונג.

relativ'ity *n.* (רעל-ע-טיוו'-אי-טי) רעלאטיוויטעט, דאס זיין רעלאטיוו [ז. *relative*]; דאס זיין אבהענגיג אין דער עקזיסטענץ פון עפעס אנדערש; אבהענגיגקייט פון געגענזייטיגער שייכות; דאס עקזיסטירען אלס רעאלער געגענשטאנד נור אין בעצוג צו אונזער ערפאהרונג אדער פערשטאנד.

rela'tor *n.* (רי-ליי'-טאר) א דערצעהלער, א בעריכט=אבגעבער, א בעשרייבער; אין יוריספרודענץ — איינער צוליעב וועמעס פאדערונג אדער קלאגע די רעגיערונג פיהרט אן א געריכטס=פראצעס, כדי צו בעשטימען א געוויסע רעכטס=פראגע.

rela'trix *n.* (רי-ליי'-טריקס) אן אנקלאגערין. ז. *relator*.

relax' *v.* (רי-לעקס') 1. נאכלאזען, פערמינדערען [די שפאנונג אדער אנשטרענגונג]; 2. שוואכער מאכען, לויזער מאכען, מאכען וועניגער שטרענג; 3. בעפרייען פון אנשטרענגונג, פערלייכטערען; געבען ערהאלונג אדער רוה; צושטרייען; 4. אוועקנעהמען; 5. נאכגעבען; 6. מאכען לויזער, עפענען [דעם מאגען]; 7. בעפרייען, אויפגעבען, איבערגעבען; 8. ווערען נאכגעלאזען, לויזער, מילדער אדער שוואכער; 9. זיך ערהאלען, זיך אברוהען, זיך צושטרייען.

1. The visitor **relaxed** in an armchair. 2. The new tariff law **relaxed** some of the import regulations. 8. His knees **relax** from toil.

relax'able *a.* (רי-לעקס'-עבל) וואס קען געמאכט ווערען לויזער, שוואכער, וועניגער אנגעשטרענגט, וועניגער שטרענג אדער מילדער; וואס קען נאכגעלאזען אדער נאכגעגעבען ווערען.

relax'ant *n.* (רי-לעקס'-ענט) אן אבפיהרונגס=מיטעל, א מיטעל לויזער צו מאכען דעם מאגען.

relaxa'tion *n.* (רי-לעק-סיי'-שאן) 1. נאכלאזונג, דאס מאכען אדער ווערען שוואכער, לויזער, וועניגער שטרענג אדער וועניגער אנגעשטרענגט; 2. ערהאלונג, אברוה, צושטרייאונג.

2. What some people deem hard work, others consider as **relaxation** and mere play.

relax'ative *a. and n.* (רי-לעקס'-ע-טיוו) ערהאלענד, צושטרייענד; לויז מאכענד; עטוואס וואס גיט ערהאלונג, אברוה אדער צושטרייאונג; אן אבפיהרונגס=מיטעל, א מיטעל לויז צו מאכען דעם מאגען.

relay' *n. and v.* (רי-ליי') עטוואס וואס ווערט געהאלטען אין זאפאס [אויף אבצופרישען דאס אלטע]; א פרישער זאפאס; א פרישער פערד=געשפאן; א פרישע מחנה יאגד=הינד; א פרישע קאמפאניע ארבייטער [וואס ארבייטען נאך דער רייהע נאך]; א סטאנציע, וואו מען בייט פערד אדער יאגד=הינד; א הילפס=אפאראט, וואס בריינגט אין בעוועגונג א גרעסערען אפאראט; לעגען נאך אמאל, איבערלעגען.

relearn' *v.* (רי-לוירן') אויפס=ניי לערנען, איבערלערנען.

relea'sable *a.* (רי-ליע'-סעבל) וואס קען בעפרייט ווערען; וואס קען אויפגעגעבען אדער איבערגעגעבען ווערען [ווי למשל, א רעכט אויף אייגענטום]; וואס קען פערדונגען ווערען אויפס=ניי.

release' *v. and n.* (רי-ליעס') אבלאזען; בעפרייען [פון געפענגנים, פון פערפליכטונגען, פון א שטראף, פון צרות, ליידען א. ז. וו.]; אויפגעבען, זיך אבזאגען [פון א חוב, פון א רעכט א. ז. וו.]; אויסלעזען א משכון; פערדינגען אויפס=ניי; אבלאזונג, בעפרייאונג; אויפגעבונג פון א רעכט, דאס אבזאגען זיך פון א רעכט; דאס אבלאזען דאס אנגעצויגענע שטריקעל פון א בויגען.

releasee' *n.* (רי-לי-סיע') איינער וועמען עס ווערען געגעבען אייגענטומס=רעכטע.

release'ment *n.* (רי-ליעס'-מענט) אבלאזונג; בעפרייאונג [פון געפענגנים, פון א חוב, פון א פערפליכטונג, שטראף א. ז. וו.]; אויפגעבונג פון א רעכט אויף אייגענטום.

release' of dow'er (רי-ליעס' אוו דאו'-ער) אויפגעבען דער אלמנה'ס געזעצליכע רעכטע אויף איהר טייל פון דעם פערשטארבענעם מאן'ס ירושה.

releas'er *n.* (רי-ליעס'-ער) א בעפרייער; איינער וואס בעפרייט פון געפענגנים, פון א פערפליכטונג, פון א חוב, פון א שטראף א. ז. וו.; איינער וואס זאגט זיך אב פון א רעכט אויף אייגענטום; איינער וואס פערדינגט אויפס=ניי.

release'-spring *n.* (רי-ליעס'-ספרינג) א פרוזשינע ביי א וואגען צו בעפרייען די רעדער פון דעם טארמאז [ברעמזע].

releas'or *n.* (רי-ליעס'-אר) איינער וואס זאגט זיך אב פון א רעכט אויף אייגענטום, וואס בעפרייט פון א חוב אדער גיט איבער אן אייגענטומס=רעכט.

rel'egate *v.* (רעל'-אי-גייט) אוועקשיקען, פערשיקען, בעזייטיגען, דערווייטערען, אבלעגען אויף א לאנגער צייט אדער פאר אן אונבעשטימטען צוועק; ארויסשיקען פון לאנד; איבערגעבען, בעשטימען.

relega'tion *n.* (רעל-אי-גיי'-שאן) פערשיקונג, ארויסשיקונג.

relent' *v.* (רי-לענט') ווערען מילדער אדער ווייכער; געריהרט ווערען, בעקומען מיטלייד; נאכגעבען; מאכען ווייכער אדער מילדער; פאנאנדערלאזען [ווי אין א פליסיגקייט].

relent'ing *a.* (רי-לענט'-אינג) נאכגיביג, ווייך, ווייכהערציג.

relent'less *a.* (רי-לענט'-לעס) אונ'ברחמנות'דיג, אונבארמהערציג, הארטהערציג, אונבעריהרט, ניט נאכגיביג.

relent'lessly *adv.* (רי-לענט'-לעס-לי) אויף אן אונבארמהערציגען אופן; אהן רחמנות, הארטהערציג.

relent'lessness *n.* (רי-לענט'-לעס-נעס) אונבארמהערציגקייט, אונ'ברחמנות'דיגקייט, הארטהערציגקייט.

relent'ment *n.* (רי-לענט'-מענט) מיטלייד, רחמנות; דאס מאכען אדער דאס זיין ווייך, נאכגיביג אדער ווייכהערציג.

relessee' *n.* (רי-לע-סיע') איינער וועמען מען טרעט אב אייגענטומס=רעכטע.

relessor' *n.* (רי-לעס-אהר') איינער וואס גיט איבער אן אייגענטומס=רעכט.

relet' *v.* (רי-לעט') ווידער פערדינגען.

rel'evance *n.* (רעל'-אי-ווענס) ז. *relevancy*.

rel'evancy *n.* (רעל'-אי-ווענ-סי) צוזאמענהאנג, געהעריגקייט, צוגעפאסטקייט, פאסיגקייט; אין געזעצגעבונג — דאס זיין גענוג און וויכטיג צו אורטיילען וועגען א קלאגע.

rel'evant *a.* (רעל'-אי-ווענט) וואס דיענט א געוויסען צוועק; פאסיג, געהערענד; וויכטיג פאר א קלאגע; גענוגענד צו בעגרינדען א קלאגע.

rel'evantly *adv.* (רעל'-אי-ווענט-לי) צום ציעל; אין צוזאמענהאנג, צוגעפאסט.

reliabil'ity *n.* (רי-לאי-ע-ביל'-אי-טי) ז. *reliableness*.

reli'able *a.* (רי-לאי'-עבל) צופערלעסיג, אויף וואס אדער אויף וועלכען מען קען זיך פערלאזען.

reli'ableness *n.* (רי-לאי'-עבל-נעס) צופערלעסיגקייט.

reli'ably *adv.* (רי-לאי'-ע-בלי) אויף א צופערלעסיגען אופן, אזוי אז מען זאל זיך קענען פערלאזען.

reli'ance *n.* (רי-לאי'-ענס) פערטרויען; דאס פערלאזען זיך; עטוואס אויף וואס

מען קען זיך פערלאזען אדער אויף וואס מען קען זיך פערטרויען.

reli'ant *a.* (רי-לאי'-ענט) פערטרויענד, וואס האט צוטרויען, וואס פערלאזט זיך; וואס האט זעלבסט-צוטרויען.

rel'ic *n.* (רעל'-איק) די רעשטען, דאס איבערגעבליבענע [נאך דער פערניכטונג פון עפעס]; אן אנדענקונג, אן אנדענקונגס-צייכען; א רעליקווע, א זאך וואס ווערט געהאלטען אלס טהייערע אדער הייליגע אנדענקונג פון א טויטען.

rel'ic-mon'ger *n.* (רעל'-איק-מאנ'-גער) איינער וואס האנדעלט מיט אנדענקונגס-זאכען אדער אנטיקען; א ליידענשאפטליכער זאמלער פון אנדענקונגס-זאכען אדער אנטיקען.

rel'ics *n.* (רעל'-איקס) א טויטער קערפער; א טויטער קערפער אדער קערפער-טיילען פון א קריסטליכען הייליגען.

rel'ict *n. and a.* (רעל'-איקט) אן אלמנה; אן אלמן; געבליבען לעבען, איבערגעבליבען [נאך אימעצענס טויט].

relic'ted *a.* (רי-ליק'-טעד) געבליבען טרוקען [ווי לאנד וואס איז פריהער געווען בעדעקט מיט וואסער].

relic'tion *n.* (רי-ליק'-שאן) דאס אבטרעטען פון וואסער פון א שטיק לאנד; דאס לאזען טרוקען לאנד, וואס איז פריהער געווען בעדעקט מיט וואסער; דאס לאנד, וואס איז געבליבען טרוקען נאכדעם ווי דאס וואסער פון ים, פון א טייך א. ז. וו. איז צוריקגעטראטען.

relief' *n.* (רי-ליעף') פערלייכטערונג, מילדערונג, לינדערונג; בעפרייאונג [פון א לאסט, וועהטאג א. ז. וו.]; הילפע, שטיצע, אונטערשטיצונג [פאר ארימע לייט]; בעפרייאונג פון א פאסטען אדער וואך; א בעגייטע וואך [וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון דער פריהריגער]; רעליעף, בולט'קייט; א בולט'ע, רעליעפע פערציערונג; די הויך פון דער אנגעשאטענער ערד ביי א פעסטונגס-גראבען; וואס צייכענט זיך אוים אדער טיילט זיך אוים אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש; א קאנטראסט; א קלאנג פון א יעגער-הארן, וואס זאגט אן וועגען דעם צוריקקעהר פון דעם יעגער; אין געזעצגעבונג — שאדענערזאץ, בעלוינונג, פערגיטיגונג [וואס ווערט בעשטימט פון געריכט].

relief'-ful *a.* (רי-ליעפ'-פול) פערלייכטערנד, מילדערנד, לינדערנד.

relief'less *a.* (רי-ליעפ'-לעס) אונגעשטיצט; הילפלאז.

relief'lessly *adv.* (רי-ליעפ'-לעס-לי) אהן הילף, אהן שטיצע.

relief'-map *n.* (רי-ליעפ'-מעפ) א רעליעף-קארטע, א בולט'ע לאנד-קארטע [וואו העכערע געגענדען ווערען פארגעשטעלט בולט].

relief' soci'ety (רי-ליעף' סא-סאי'-ע-טי) א הילפס-פעראיין, אן אונטערשטיצונגס-פעראיין.

relief'-valve *n.* (רי-ליעפ'-וועלוו) א זיכערהייטס-ווענטיל [א דעקעל אדער קלאפאן אין א דאמפף-מאשין וואס עפענט זיך אויטאמאטיש, ווען דער דאמפף-דרוק ווערט צו גרויס]; א ווענטיל אין א דאמפף-מאשין דורך וועלכען עס לויפט אב דאס וואסער וואס קומט ארויס פון דאמפף-קעסעל מיט'ן דאמפף אין דעם הייס-וואסער-בעהעלטער; אן אויטאמאטישער ווענטיל וואס לאזט אריין לופט אין א פאס, ווען די פליסיגקייט איז פון איהר ארויסגעצויגען געווארען.

relief'-work *n.* (רי-ליעפ'-הוואירק) קהל'שע ארבייט [ווי אויסלעגען וועגען, אויפשטעלען נייע געביידעס א. ז. וו.], וואס ווערט אונטערגענומען מיט'ן צוועק צו געבען ארבייט די נויטליידענדע און ארבייטסלאזע.

reli'er *n.* (רי-לאי'-ער) איינער וואס פערלאזט זיך [אויף איינעם אדער עפעס].

reliev'able *a.* (רי-ליעוו'-עבל) וואס קען פערלייכטערט ווערען; וואס קען בעפרייט ווערען [פון א לאסט, וועהטאג א. ז. וו.]; וואס קען געשטיצט אדער געהאלפען ווערען; וואס קען קריעגען געזעצליכען שוץ.

relieve' *v.* (רי-ליעוו') 1. בעפרייען [פון א לאסט, פון וועהטאג א. ז. וו.]; 2. פערלייכטערען; מילדערען; לינדערען; בריינגען הילף [צו א בעלאגערטען פלאץ], בעפרייען פון א בעלאגערונג, בעפרייען פון א וואך; העלפען, שטיצען; בעגיטיגען פאר א שאדען [דורך א געריכטליכער ענטשיידונג]; מאכען בולט, מאכען פראמינענט; 3. מאכען איינדרוקספולער אדער אינטערעסאנטער דורך פערשיעדענארטיגקייט אדער א קאנטראסט.

1. Hospitals help to **relieve** the sufferings of the poor. 2. The tact of the chairman **relieved** the strained atmosphere of the meeting.

relieve' one's mind (רי-ליעוו' הוואנז מאינד) זיך בערוהיגען.

reliev'er *n.* (רי-ליעוו'-ער) איינער אדער עטוואס וואס העלפט, שטיצט, פערלייכטערט אדער בעפרייט [פון א לאסט, וועהטאג, ליידען א. ז. וו.].

relieve' the watch (רי-ליעוו' טהי הוואטש) בעפרייען די וואך, בייטען די וואך.

relie'vo *n.* (רי-ליעי'-וואו) ז. *rilievo*.

relight' *v.* (רי-לאיט') ווידער אנצינדען, אויפס-ניי בעלויכטען אדער ליכטיג מאכען; זיך ווידער אנצינדען, ווידער נעהמען לייכטען.

relig'ion *n.* (רי-לידזש'-אן) רעליגיאן; פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; געוויסענהאפטיגקייט, פליכט-טרייהייט.

relig'ionary *a. and n.* (רי-לידזש'-אנ-איי-רי) רעליגיעז; א פאנאטיקער, א פרומאק.

relig'ioner *n.* (רי-לידזש'-אנ-ער) ז. *religionist*.

relig'ionise *v.* (רי-לידזש'-אנ-איז) ז. *religionize*.

relig'ionism *n.* (רי-לידזש'-אנ-איזם) דאס זיין בלויז אויסערליך רעליגיעז, דאס אבהיטען בלויז די פארמאלע זייט פון דער רעליגיאן; דאס זיין א פרומאק; כלומר'שדיגע פרומקייט.

relig'ionist *n.* (רי-לידזש'-אנ-איסט) א רעליגיעזער מענש; א פרומאק, א פאנאטיק.

relig'ionize *v.* (רי-לידזש'-אנ-איז) מאכען רעליגיעז; זיין רעליגיעז; שפיעלען א פרומע ראלע.

relig'ionless *a.* (רי-לידזש'-אנ-לעס) ניט רעליגיעז, אונגלויביג.

religios'ity *n.* (רי-לידזש-אי-אס'-אי-טי) רעליגיעזיטעט, דאס זיין רעליגיעז.

religio'so *adv.* (רי-לי-דזשי-או'-סאו) אין מוזיק — מיט רעליגיעזע געפיהלען.

relig'ious *a. and n.* (רי-לידזש'-אס) רעליגיעז, פרום, גאטספארכטיג; וואס בעלאנגט צו א מאנאכען-ארדען, וואס פיהרט א מאנאכען-לעבען; געוויסענהאפט, פליכט-טריי; שטרענג פינקטליך; א מאנאך, א מאנאשקע [א נאנע].

relig'ious house (רי-לידזש'-אס האוס) א קלויסטער, א מאנאסטיר; א בית-תפילה.

relig'ious lib'erty (רי-לידזש'-אס ליב'-ער-טי) רעליגיאנס-פרייהייט, געוויסענס-פרייהייט, די פרייהייט צו בעלאנגען צו וועלכער עס איז רעליגיאן.

relig'iously *adv.* (רי-לידזש'-אס-לי) רעליגיעז, מיט פרומקייט, מיט גאטספארכטיגקייט; פליכט-טריי, געוויסענהאפט, שטרענג פינקטליך.

relig'iousness *n.* (רי-לידזש'-אס-נעס) רעליגיעזקייט, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; פליכט-טרייהייט, געוויסענהאפטיגקייט, שטרענגע פינקטליכקייט; דאס בעלאנגען צו א מאנאכען-ארדען, דאס פיהרען א מאנאסטיר-לעבען.

restor'er *n.* (רי-סטאור'-ער) אן אומקעהרער, איינער וואס קעהרט אום צוריק צו דעם פריהעריגען צושטאנד; איינער וואס שטעלט אויף פון דאס ניי; א בענייער, א פערריכטער, אן איבערבויער.

restore' to blood (רי-סטאור' טו בלאד) אומקעהרען די צוגענומענע פריווילעגיעס וואס איינער האט לויט געבורט, יחוס אדער ראנג.

restrain' *v.* (רי-סטריין') איינהאלטען, אבהאלטען, צוריקהאלטען; שטערען, הינדערען; האלטען אין צוים; בעשרענקען, בעגרענעצען; ניט דערלאזען.

restrai'nable *a.* (רי-סטריי'-נעבל) וואס קען צוריקגעהאלטען, אבגעהאלטען אדער איינגעהאלטען ווערען.

restrai'nedly *adv.* (רי-סטריי'-נעד-לי) מיט בעשרענקונג, איינשרענקענדיג, אבהאלטענדיג, איינהאלטענדיג.

restrai'ner *n.* (רי-סטריי'-נער) א צוריקהאלטער, אן איינשרענקער, איינער וואס האלט צוריק אדער האלט אב; איינער אדער עטוואס וואס דערלאזט ניט אדער האלט איין.

restrai'ning *a.* (רי-סטריי'-נינג) איינשרענקענדיג; ניט דערלאזענדיג, אבהאלטענדיג, איינהאלטענדיג.

restrain'ment *n.* (רי-סטריינ'-מענט) א צוריקהאלטונג, אן אבהאלטונג, א הינדערונג.

restraint' *n.* (רי-סטריינט') א צוריקהאלטונג, אן אבהאלטונג; א הינדערונג; א שטערונג; אן איינשרענקונג, א בעשרענקונג; פרייהייטס-בעשרענקונג; בעדריקונג, אונטערדריקונג; א פערבאט.

restraint' of trade (רי-סטריינט' אוו טרייד) בעשרענקונג פון פרייער קאנקורענץ.

restrength'en *v.* (רי-סטרענגטה'ן) וויעדער שטארק מאכען.

restrict' *v.* (רי-סטריקט') בעשרענקען; בעגרענצען.

restric'tedly *adv.* (רי-סטריק'-טעד-לי) מיט בעשרענקונג, מיט בעגרענצונג.

restric'tion *n.* (רי-סטריק'-שאן) 1. א בעשרענקונג, אן איינשרענקונג, א בעגרענצונג; 2. א בעדינגונג אדער תנאי וואס בעגרענעצט יענעמס רעכט.

1. Many citizens favor the **restriction** of the right of suffrage. 2. The property was sold under **restrictions**.

restric'tionist *n.* (רי-סטריק'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון בעשרענקונגען אדער בעגרענצונגען [איינער וואס איז געווען פאר דער בעשרענקונג פון שקלאפעריי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; איינער וואס איז פאר דער בעשרענקונג פון אלקאהאל-פערקויף; איינער וואס איז פאר דער בעשרענקונג פון פרייען איינפוהר פון אויסלענדישע סחורות אין לאנד, אן אנהענגער פון שוץ-צאל].

restric'tive *a.* (רי-סטריק'-טיוו) איינשרענקענד, בעשרענקענד; וואס בעגרענעצט אדער בעשרענקט; וואס איז גענייגט צו בעשרענקונגען.

restric'tively *adv.* (רי-סטריק'-טיוו-לי) מיט בעשרענקונגען, מיט בעגרענצונגען; אין א בעשרענקטען אדער בעגרענעצטען זין.

restric'tiveness *n.* (רי-סטריק'-טיוו-נעס) בעשרענקונג, בעגרענצונג.

restrike' *v.* (רי-סטראיק') נאך אמאל שלאגען; איבערשטעמפלען אן אלטע מטבע צו מאכען פון איהר א נייע.

restrin'gent *a. and n.* (רי-סטרינ'-דזשענט) איינשרעקענד; צוזאמענציהענד; א צוזאמענציהנדער מיטעל.

rest upon' (רעסט א-פאן') 1. זיך שטיצען אדער אנלעהנען אויף עפעס; 2. באזירען אדער זיין געגרינדעט אויף עפעס; 3. זיך פערלאזען אויף אימעצען; 4. צופריעדען זיין מיט עפעס, זיך צופריעדענשטעלען.

2. The verdict of the jury **rests upon** testimony of reputable witnesses. 3. I **rest upon** you to help me out. 4. He **rests upon** his laurels.

rest upon' one's oars (רעסט א-פאן' הוואנז אורז) זיך אויסרוהען, זיך מאכען א יום טוב.

rest with (רעסט הוויטה) אבהענגיג זיין פון עטוואס אדער פון אימעצען; זיין ביי אימעצען אין די הענד.

The candidate's future **rests with** the voters.

resubject' *v.* (רי-סאב-דזשעקט') וויעדער אונטעריאכען, וויעדער אונטערווארפען.

resubjec'tion *n.* (רי-סאב-דזשעק'-שאן) א נאכאמאליגע אונטעריאכונג; דאס אונטעריאכען אדער אונטערווארפען פון דאס ניי.

resublime' *v.* (רי-סאב-לאים') נאך אמאל סובלימירען [לאזען פערדאמפפען א פעסטען שטאף אום איהם אבצושיידען פון א שטאף וואס לאזט זיך ניט פערדאמפפען].

result' *v. and n.* (רי-זאלט') ארויסקומען אלס רעזולטאט; ענטשטעהען, ארויסקומען; א פאלגע; א רעזולטאט; א פועל יוצא; אן ענטשיידונג; א שלום.

resul'tance *n.* (רי-זאל'-טענס) א רעזולטאט, א פועל יוצא.

resul'tant *a. and n.* (רי-זאל'-טענט) רעזולטירענד, וואס קומט ארוים, וואס איז א פועל יוצא, וואס איז א רעזולטאט; עטוואס וואס פאלגט אלס רעזולטאט; א רעזולטירענדע קראפט [די קראפט וואס בעקומט זיך אלס פועל יוצא אדער רעזולטאט פון דער ווירקונג פון פערשיעדענע קרעפטע].

result'ful *a.* (רי-זאלט'-פול) ערפאלגרייך.

result' in (רי-זאלט' אין) זיך ענדיגען מיט...

The agitation for pure food laws will result in much good.

result'less *a.* (רי-זאלט'-לעס) רעזולטאטלאז, אהן א רעזולטאט, אהן ערפאלג.

result'lessness *n.* (רי-זאלט'-לעס-נעס) רעזולטאטלאזיגקייט, ערפאלגלאזיגקייט.

resu'mable *a.* (רי-זיו'-מעבל) וואס קען צוריקגענומען ווערען; וואס קען צוריק אויפגענומען אדער אנגעהויבען ווערען.

resume' *v.* (רי-זיום') צוריק נעהמען; ווידער אויפנעהמען, ווידער אנהויבען, ווידער נעהמען זיך צו עפעס; ווידער פארטזעצען.

résumé' *n. and v.* (ריי-זיו-מיי') א רעזיומע, א סך=הכל; רעזיומירען, ווידערהאלען אין קורצען.

resum'mon *v.* (רי-סאמ'-אן) אויפפאדערען נאך אמאל, ווידער פאררופען אדער פארלאדען; צוריקרופען.

resum'mons *n.* (רי-סאמ'-אנז) א נאכאמאליגע איינלאדונג [צום געריכט].

resump'tion *n.* (רי-זאמפ'-שאן) דאס ווידער אויפנעהמען; דאס צוריקנעהמען; דאס צוריקנעהמען דאס לאנד אדער פריווילעגיעם וואס איז פון שטאאט צו אימיצען געגעבען געווארען; דאס ווידער אנפאנגען פון דער רעגיערונג צו צאהלען מיט מזומן אדער מטבעות.

resump'tive *a.* (רי-זאמפ'-טיוו) ווידער צוריקנעהמענד; וואס נעהמט ווידער אויף.

resu'pinate *a.* (רי-סיו'-פי-נייט) איבערגעקעהרט; מיט'ן קאפ אראב.

resu'pinated *a.* (רי-סיו'-פי-ניי-טעד) ז. *resupinate*.

resupina'tion *n.* (רי-סיו-פי-ניי'-שאן) דאס זיין איבערגעקעהרט.

resupine' *a.* (רי-סיו-פאין') ליעגענד אויף דעם רוקען.

resupply' *v.* (רי-סא-פלאי') ווידער פערזארגען מיט...

resurge' *v.* (רי-סוירדזש') ווידער אויפשטעהן, אויפשטעהן תחית המתים.

resur'gence *n.* (רי-סויר'-דזשענס) דאס ווידער=אויפשטעהן, דאס אויפשטעהן תחית המתים.

resur'gent *a. and n.* (רי-סויר'-דזשענט) וואס שטעהט ווידער אויף, וואס שטעהט אויף תחית המתים; איינער וואס שטעהט אויף תחית המתים.

resurprise' *n. and v.* (רי-סויר-פראיז') א נייע איבערראשונג, א פרישער סורפריז; פון דאס ניי איבערראשען.

resurrect' *v.* (רעז-א-רעקט') ווידער לעבעדיג מאכען, דערוועקען פון טויט; אויסגראבען פון קבר.

resurrec'tion *n.* (רעז-א-רעק'-שאן) תחית המתים; דאס אויפשטעהן תחית המתים; די וועלט נאך תחית המתים [לעתיד לבוא]; דאס אויפלעבען פון דאס ניי; דאס אויסגראבען פון קבר.

resurrec'tionary *a.* (רעז-א-רעק'-שאנ-ע-רי) וואס לעבט ווידער אויף, וואס מאכט צוריק לעבעדיג; וואס גראבט אויס פון קבר.

resurrec'tionist *n.* (רעז-א-רעק'-שאנ-איסט) איינער וואס גנב'עט מתים פון קברים; איינער וואס גראבט עפעס ארוים פון א לאנגער בעהעלטעניש.

resurrec'tionize *v.* (רעז-א-רעק'-שאנ-איז) ארויס'גנב'ענען פון קבר; ווידער לעבעדיג מאכען.

resurrec'tion-man *n.* (רעז-א-רעק'-שאנ-מען) איינער וואס גנב'עט טויטע קערפער פון קבר.

resurvey' *v. and n.* (רי-סויר-וויי') ווידער דורכזעהן; ווידער דורכקוקען אדער דורכלעזען; ווידער בעקוקען; ווידער אויסמעסטען; דאס דורכקוקען נאך אמאל; א נייע מעסטונג.

resus'citable *a.* (רי-סאס'-אי-טעבל) וואס קען ווידער לעבעדיג געמאכט ווערען.

resus'citate *v.* (רי-סאס'-אי-טייט) 1. ווידער לעבעדיג מאכען, ווידער בעלעבען; 2. לעבעדיג ווערען, אויפלעבען פון דאס ניי; אויפשטעהן תחית המתים.

1. They resuscitated the drowned man.

resuscita'tion *n.* (רי-סאס-אי-טיי'-שאן) די ווידער=בעלעבונג; דאס אויפלעבען פון דאס ניי; דאס אויפשטעהן תחית המתים.

resus'citative *a.* (רי-סאס'-אי-טיי-טיוו) וואס דערוועקט צום נייען לעבען, וואס מאכט ווידער לעבעדיג.

resus'citator *n.* (רי-סאס'-אי-טיי-טאר) איינער וואס מאכט ווידער לעבעדיג.

ret *v.* (רעט) איינגעצען, איינווייקען [פלאקס].

retail' *v.* (רי-טייל') 1. פערקויפען אין דעטאיל, פערקויפען איינציגווייז אדער צו ביסלאך, פערקויפען לאחדים; 2. איבערדערצעהלען.

1. The peddler retails his goods. 2. It is a bad habit to retail slanderous tales.

re'tail *n. and a.* (רי'-טייל) דעטאיל=פערקויף, איינצעל=פערקויף; וואס איז שייך צו איינצעל=פערקויף.

re'tail dea'ler (רי'-טייל דיע'-לער) א דעטאיל=פערקויפער, א לאחדים'ניק, אן איינצעל=פערקויפער.

retail'er *n.* (רי-טייל'-ער) א דעטאיל=פערקויפער, א לאחדים'ניק; אן איינצעל=פערקויפער; אן איבערדערצעהלער.

retail'ment *n.* (רי-טייל'-מענט) לאחדים=פערקויף, איינצעל=פערקויף.

retain' *v.* (רי-טיין') האלטען; האלטען אין בעזיץ; אנהאלטען; האלטען אין זכרון, געדענקען; פערהאלטען; דינגען, נעהמען; געהערען, בעלאנגען.

retain'able *a.* (רי-טיינ'-עבל) וואס קען געהאלטען ווערען.

retain'er *n.* (רי-טיינ'-ער) איינער אדער עטוואס וואס האלט; איינער וואס האלט אין זכרון; א דיענער; איינער וואס שטעהט אין דיענסט ביי א הויף=שטעהענדער פערזאן; איינער וואס איז פערדונגען אדער בעלאנגט צו א געוויסען פלאץ; איינער וואס געהט צוזאמען מיט אן ארמעע צו טהאן געוויסע ארבייט און מוז זיך אונטערווארפען דער דיסציפלין פון דער ארמעע; געצאהלט, האנאראר; האנד=געלד וואס ווערט געגעבען צו אן אדוואקאט.

retain'ing *a.* (רי-טיינ'-אינג) האלטענדיג אין בעזיץ; וואס האלט; וואס דינגט.

retain'ing fee (רי-טיינ'-אינג פיע) האנד=געלד אדער דאס ערשטע האנאראר, וואס מען צאהלט אן אדוואקאט פארויס.

retain'ing wall (רי-טיינ'-אינג הוואהל) א שטיץ=וואנד צו פערהיטען, אז אן ערד=מאסע זאל ניט אראבפאלען אדער זאל ניט אויסגעשווענקט ווערען פון וואסער.

retain'ment *n.* (רי-טיינ'-מענט) איינהאלטונג, פערהאלטונג; דאס איינהאלטען אין זכרון, דאס געדענקען.

retake' *v.* (רי-טייק') 1. ווידער נעהמען; 2. צוריקנעהמען; ווידער איינגעהמען, ווידער פערכאפען.

2. The enemy's fleet was retaken.

reta'ker *n.* (רי-טיי'-קער) איינער וואס נעהמט צוריק דאס וואס מען האט ביי איהם צוגענומען.

retal'iate *v.* (רי-טעל'-אי-אייט) אבטהאן צוריק, בעצאהלען מדה כנגד מדה, אבטהאן א רעה פאר א רעה.

If I am attacked, I shall surely retaliate.

retalia'tion *n.* (רי-טעל-אי-איי'-שאן) דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה, דאס אבטהאן א רעה פאר א רעה.

retal'iative *a.* (רי-טעל'-אי-איי-טיוו) וואס בעצאהלט מדה כנגד מדה, וואס טהוט אב א רעה פאר א רעה; וואס איז גענייגט צו נעהמען נקמה.

retal'iatory *a.* (רי-טעל'-אי-איי-טא-רי) צאהלענדיג מדה כנגד מדה, וואס איז גענייגט צו נעהמען נקמה.

retard' *v. and n.* (רי-טארד') פערציהען, אויפהאלטען, פערזאמען; אבלעגען; זיך פערשפעטיגען; א פערשפעטיגונג; אבלעגונג; א שטערונג.

retarda'tion *n.* (רי-טאר-דיי'-שאן) די פערציהונג, די פערשפעטיגונג; דאס אויפהאלטען, דאס אבלעגען; דאס וואס פערהאלט; א שטערונג.

retar'dative *a.* (רי-טאר'-דיי-טיוו) פערזאמענד, פערשפעטיגענד; אויפהאלטענד; וואס שטערט.

retar'datory *a.* (רי-טאר'-דיי-טא-רי) וואס האלט אב, וואס לעגט אב, וואס האלט אויף; וואס שטערט; וואס מאכט לאנגזאמער אדער שוואכער [די בעוועגונג].

retar'ded mo'tion (רי-טאר'-דעד מאו'-שאן) געשווינדקייט, וואס ווערט אלץ קלענער און קלענער.

retar'der *n.* (רי-טאר'-דער) איינער אדער עפעס וואס פערציהט, האלט אויף אדער פערשפעטיגט; אן אבהאלט, א שטערונג, א הינדערניס.

retard'ment *n.* (רי-טארד'-מענט) דאס פערשפעטיגען, א פערשפעטיגונג, אן אבהאלט.

retch *v.* (רעטש) זיך אנשטרענגען צו ברעכען [פון איבעלקייט].

re'te *n.* (רי'-טי) א — אין אנאטאמיע — א געפלעכט פון נערוועז, בלוט=אדערען א. ד. ג.

rete'cious *a.* (רי-טי'-שאס) נעץ=פערמיג.

retell' *v.* (רי-טעל') איבערדערצעהלען, איבערזאגען, ווידערהאלען.

reten'tion *n.* (רי-טענ'-שאן) דאס איינהאלטען, דאס פערהאלטען, די פערהאלטונג; דאס איבערלאזען פאר זיך; דאס איינהאלטען אין זכרון, דאס געדענקען; אין מעדיצין — די פערהאלטונג פון או-

ריין, פון דער פערדייטער שפייז א. ז. וו.; אין געזעצגעבונג — דאס רעטענציאנס־רעכט, דאס רעכט צו פערהאלטען איינעמס פערמעגען פאר א חוב.

reten'tive *a.* (רי־טענ׳־טיוו) איינהאל־טענד, פערהאלטענד; וואס האלט איין אין זכרון.

reten'tive fac'uity (רי־טענ׳־טיוו פעק׳־אל־טי) די גערעכנים־פעהיגקייט, דער זכרון.

reten'tive mem'ory (רי־טענ׳־טיוו מעמ׳־א־רי) א גוטער, שטארקער זכרון.

reten'tiveness *n.* (רי־טענ׳־טיוו־נעס) דאס האלטען פעסט; דאס איינהאלטען [אין זכרון].

retentiv'ity *n.* (רי־טענ־טיוו׳־אי־טי) ז. *retentiveness*

retex'ture *n.* (רי־טעקס׳־טשור) אן ער־נייטעס געוועב; דאס וועבען ווידער אמאל.

re'tial *a.* (רי׳־שי־על) וואס איז שייך צו א געפלעכט פון נערוועז, בלוט־אדערען א. ז. וו.

re'tiary *a.* and *n.* (רי׳־שי־ע־רי) נעץ־פערמיג, ווי א נעץ; בעוואפענט מיט א נעץ; וואס איז פעהיג צו פערפלאנט־רען א צווייטען אין א נעץ אדער ווי א נעץ; א וועב־שפין.

ret'icence *n.* (רעט׳־אי־סענס) די פער־שוויינונג; דאס פערשוויינען [א זאך], דאס ניט דערמאהנען; צוריקגעהאלטענ־קייט, איינגעהאלטענקייט; א רעטארישע פיגור וואס בעשטעהט אין זאגען אז מען וויל ניט ריידען וועגען א זאך און דער־ווייל זאגט מען וואס מען האט געוואלט [ווי למשל, "איך וויל אייך ניט דערמאה־נען וועגען מיין געגנער'ס שלעכטקייט און פערדארבענהייט"].

ret'icency *n.* (רעט׳־אי־סענ־סי) ז. *reticence*

ret'icent *a.* (רעט׳־אי־סענט) שוויינענד, וואס איז איינגעהאלטען אדער צוריקגע־האלטען

ret'icle *n.* (רעט׳־איקל) א פעררינגונג אין א טעלעסקאפ אין דער פארם פון א קליין נעצעלע.

retic'ula *n.* (רי־טיק׳־יו־לא) נעץ־גע־פלעכטען; די צווייטע מאגענס ביי חיות וואס זיינען מעלה גרה. ז. *reticulum*

retic'ular *a.* (רי־טיק׳־יו־לאר) נעץ־פערמיג, פערפלאנ־טערט.

retic'ularly *adv.* (רי־טיק׳־יו־לאר־לי) אויף א נעץ־פערמי־גען אופן.

retic'ulary *a.* (רי־טיק׳־יו־לע־רי) ז. *reticular*

retic'ulate *a.* and *v.* (רי־טיק׳־יו־לייט) ווי א נעץ; פלעכ־טען, מאכען נעץ־ארטיג.

retic'ulated *a.* (רי־טיק׳־יו־לייטעד) נעץ־פערמיג.

retic'ulated leaf (רי־טיק׳־יו־לייטעד ליעף) א בלאט, אין וועלכען די אדערען פלעכטען זיך איבער נעץ־פערמיג.



Reticulated Leaf

retic'ulated ma'sonry (רי־טיק׳־יו־לייטעד מיי׳סנ־רי) ז. *reticulated work*

retic'ulated work (רי־טיק׳־יו־לייטעד הוואירק) אן ארט מויערען, וואו די ציגעלעך אדער די שטיינער ווערען אויס־געלעגט אויף א נעץ־פערמיגען אופן.

Reticulated Work

retic'ulately *adv.* (רי־טיק׳־יו־לייט־לי) אויף א נעץ־פערמיגען אופן.

ret'icule *n.* (רעט׳־אי־קיול) א רידיקיול [א דא־מען האנד־בייטעל]; א נעץ־פערמיגעס געפלעכט וואס איז אריינגעשטעלט אין א טעלעסקאפ.

Reticule

retic'ulum *n.* (רי־טיק׳־יו־לאם) געפלאכטענע נעץ־ארבייט; דער צווייטער מאגען ביי חיות וואס זיינען מעלה גרה.

retif'erous *a.* (רי־טיפ׳־ע־ראס) נעץ־פערמיג; וואס בעשטעהט פון א געפלעכט פון אדערען, נערוועז א. ז. וו.

re'tiform *a.* (רי׳־טי־פארם) נעץ־פער־מיג.

ret'ina *n.* (רעט׳־אי־נא) די רעטינע אדער נעץ־הייטעל [א נעץ־ארטיג הייטעל אין אויג וואס איז פערבונדען דורך'ן אפטישען נערוו מיט די געהירן].

retin'alite *n.* (רי־טינ׳־ע־לאיט) רעטי־נאליט, הארץ־שטיין [א שטיין פון א גרינליכען קאליר און מיט א פעך־גלאנץ].

re'tinerved *a.* (רי׳־טי־נורווד) נעץ־פערמיג [וועגען די אדערלעך אויף פלאנ־צען־בלעטער].

retini'tis *n.* (רעט־אי־נאי׳־טיס) אן ענט־צינדונג פון דער רעטינע אדער נעץ־הויט [פון אויג].

ret'inoid *a.* (רעט׳־אי־נאיד) פעך־אר־טיג, פעך־פערמיג.

ret'inoscopy *n.* (רעט׳־אי־נא־סקאו־פי) אונטערזוכונג פון דער נעץ־הויט פון אויג [מיט דער הילף פון אזא שפיגעל].

ret'inue *n.* (רעט׳־אי־ניו) א סוויטע, א בעגלייטונגס־קאמפאניע; א פראצעסיע.

retir'acy *n.* (רי־טאיר׳־ע־סי) דאס צו־ריקציהען זיך [פון געשעפט אדער פון גע־זעלשאפטליכען לעבען].

retirade' *n.* (רעט־אי־ראד׳) א פעס־טונג — דער אבשניט אדער רעטראנשא־מענט [א בעפעסטיגטער וואל אין א באס־טיאן, הינטער וועלכען די סאלדאטען בע־שיצען זיך ווען זיי טרעטען אב פון דעם פארדערשטען וואל].

retir'al *n.* (רי־טאיר׳־על) צוריקציהונג; קוויטירונג פון א חוב אדער וועקסעל; דאס ארויסנעהמען פון צירקולאציאן [וועקס־לען, אקציעס א. ז. וו.].

retire' *v.* and *n.* (רי־טאיר׳) צוריקצי־הען, אבשיידען זיך, אוועקגעהן, פערלאזען [א שטעלע, אן אמט]; ארויסנעהמען [אקציען] פון צירקולאציאן, אבצאהלענ־דיג זייער ווערטה; קוויטירען א וועק־סעל; זיך צוריקציהען; אבטרעטען צו־ריק; געהן שלאפען; דאס צוריקציהען זיך, דאס ארויסגעהן פון געשעפט, פון עפענטליכען לעבען א. ז. וו.

retired' *a.* (רי־טאירד׳) צוריקגעצויגען [פון דיענסט, פון אמט]; צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען, איינזאם; געהיים, פערבארגען.

retired' list (רי־טאירד׳ ליסט) די פענסיאנס־ליסטע [די ליסטע פון אפיציע־רען און בעאמטע, וועלכע האבען זיך צו־ריקגעצויגען פון דיענסט און האבען א רעכט אויף פענסיע].

retir'edness *n.* (רי־טאיר׳־עד־נעס) צוריקגעצויגענקייט; איינזאמקייט, אבגע־זונדערטקייט.

retire' from sight (רי־טאיר׳ פראם סאיט) פערשווינדען.

retire'ment *n.* (רי־טאיר׳־מענט) צוריק־געצויגענקייט, איינזאמקייט; אבגעזונדערט־קייט; אן איינזאם לעבען; דאס פריוואט־לעבען פון א מענשען וואס האט זיך צו־ריקגעצויגען פון געשעפט, פון א שטעלע אדער פון געזעלשאפטליכען לעבען; א שטיל, איינזאם ארט.

retir'er *n.* (רי־טאיר׳־ער) איינער וואס ציהט זיך צוריק פון געשעפט אדער אמט.

retir'ing *a.* (רי־טאיר׳־אינג) צוריקוויי־כענד, אבטרעטענד, זיך צוריקציהענד [פון אמט אדער דיענסט]; צוריקהאלטענד, איינגעהאלטען, בעשיידען.

retir'ing allow'ance (רי־טאיר׳־אינג ע־לאו׳־ענס) פענסיע.

retir'ing disposi'tion (רי־טאיר׳־אינג דיס־פא־זיש׳־אן) צוריקגעהאלטענ־קייט, עניוות, בעשיידענהייט.

retir'ing place (רי־טאיר׳־אינג פלייס) א שטיל ארט, א רוה־פלאץ.

retor'sion *n.* (רי־טאהר׳־שאן) אין אינ־טערנאציאנאלען רעכט — דאס אנווענדען בנוגע צו א געוויסער נאציאן דיזעלביגע בעהאנדלונג, ווי זי בעהאנדעלט אנדערע; דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה.

retort' *v.* and *n.* (רי־טאהרט׳) צוריק־ווארפען, ערוויעדערען, ענטפערען מיט א בעליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג; "געבען א גאב", ארויסטרעטען מיט א שארפען ענטפער; פאנאנדערלעגען א כע־מישען פראדוקט מיט דער הילף פון א רעטארטע; דאס "געבען א גאב"; א שאר־פער ענטפער; א רעטארטע [א קוגעל־פערמיגע גלעזערנע כלי מיט א לאנגען איינגעבויגענעם העלזעל, וואס ווערט בע־נוצט פון כעמיקער פאנאנדערצולעגען א כעמישען פראדוקט אויף זיינע בעשטאנד־טיילען].

Retort

retor'ter *n.* (רי־טאהר׳־טער) א ווידער־

לעגער, אן ערווידערער; דער וואס ניט
א שארפען ענטפער, ענטפערט מיט א בע=
ליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט
א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג.

retort'-hol'der *n.* (רי-טאהרט'-האול'-
דער) א רעטארטען=האלטער, א פארריכ=
טונג צו האלטען די רעטארטע בעת מען
ווארעמט זי אויף'ן פייער. ז. ***retort***

retor'tion *n.* (רי-טאהר'-שאן) דאס בוי=
גען צוריק; די צוריק=ווארפונג; א שאר=
פער ענטפער; דאס ענטפערען מיט א
בעליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט
א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג.

retoss' *v.* (רי-טאס') צוריקווארפען;
צוריקשטויסען; נאך אמאל ווארפען.

retouch' *v. and n.* (רי-טאטש') איבער=
ארבייטען, אויסבעסערען [א קונסט=
ווערק]; אין פאטאגראפיע — רעטושירען,
אויסבעסערען די פעהלער פון א נעגאטיוו
אדער פון א פאזיטיוו; אן אויסבעסערונג,
א רעטושירונג [פון א בילד].

retouch'er *n.* (רי-טאטש'-ער) א רע=
טושער [איינער וואס בעסערט אויס פא=
טאגראפישע נעגאטיווען אדער פאזיטי=
ווען].

retouch'ing *n.* (רי-טאטש'-אינג) דאס
צוגעבען די לעצטע שטריכען צו א קונסט=
ווערק; אין פאטאגראפיע — דאס רעטו=
שירען [דאס אויסבעסערען דעם נעגאטיוו
אדער דעם פאזיטיוו].

retouch'ing-desk *n.* (רי-טאטש'-אינג-
דעסק) ז. ***retouching-frame***

retouch'ing-ea'sel *n.* (רי-טאטש'-
אינג-איע'זל) ז. ***retouching-frame***

retouch'ing-frame *n.* (רי-טאטש'-
אינג-פריים) אין פאטאגראפיע — א מין
סטענדער אדער טישעל פון א דינעם גלאז
אין א ראהם, אויף וועלכען עס ווערען
רעטושירט פאטאגראפישע נעגאטיווען.

retouch'ing-ta'ble *n.* (רי-טאטש'-
אינג-טיי'בל) ז. ***retouching-frame***

retouch'ment *n.* (רי-טאטש'-מענט)
רעטושירונג. ז. ***retouching***

retour' *n.* (רע-טוהר') א צוריקקעהר,
דאס צוריקקעהרען.

retrace' *v.* (רי-טרייס') ווידער צייכ=
נען, איבערצייכנען; געהן צוריק אויף'ן
זעלבען וועג; נאכשפירען צוריק ביז'ן
ערשטען קוואל; איבער'חזר'ען, ווידער=
האלען.

retract' *v.* (רי-טרעקט') 1. ארייננציהען
צוריק [ווי א קאץ ציהט אריין די נע=
געל]; 2. צוריקציהען, צוריקנעהמען [א
בעשולדיגונג, אן ערקלערונג]; 3. פערקיר=
צען.

2. The publisher was obliged to **retract** the statements made about the Mayor.

retractabil'ity *n.* (רי-טרעק-טע-ביל'-
אי-טי) דאס קענען צוריקגעצויגען ווערען.

retrac'table *a.* (רי-טרעק'-טעבל) וואס
קען צוריקגענומען ווערען, וואס קען צו=
ריקגעצויגען ווערען.

retracta'tion *n.* (רי-טרעק-טיי'-שאן)
דאס צוריקנעהמען, צוריקציהונג, דאס
מבטל זיין אן ערקלערונג, בעשלום אדער
בעשולדיגונג.

retractibil'ity *n.* (רי-טרעק-טי-ביל'-
אי-טי) ז. ***retractability***

retrac'tible *a.* (רי-טרעק'-טיבל)
ז. ***retractable***

retrac'tile *a.* (רי-טרעק'-טיל) וואס קען
לייכט אריינגעצויגען ווערען [ווי די נע=
געל פון א קאץ]; וואס קען צוריקגעצוי=
גען ווערען; צוריקציהענד.

retractil'ity *n.* (רי-טרעק-טיל'-אי-טי)
דאס קענען אריינגעצויגען אדער צוריק=
געצויגען ווערען.

retrac'tion *n.* (רי-טרעק'-שאן) דאס
ארייינציהען [ווי די נעגעל פון א קאץ];
דאס צוריקציהען [א בעשלום, א בעשול=
דיגונג א. ד. ג.].

retrac'tive *a. and n.* (רי-טרעק'-טיוו)
צוריקציהענד; דאס וואס ציהט אריין צו=
ריק.

retrac'tively *adv.* (רי-טרעק'-טיוו-לי)
אריינציהענדיג צוריק; צוריקציהענדיג.

retrac'tor *n.* (רי-טרעק'-טאר) דער
אדער דאס וואס ציהט צוריק; א מוסקול
וואס ציהט אריין צוריק אין קערפער א
געוויסען גליעד; עטוואס וואס ציהט פא=
נאנדער אדער ציהט אב טיילען פון קער=
פער ביי אן אפעראציאן.

re'trad *adv.* (רי'-טרעד) אין אנאטא=
מיע — ריקווערטס, צוריק.

re'trahens *n.* (רי'-טרע-הענז) אין אנא=
טאמיע — דער מוסקול, וועלכער ציהט
אב דעם מענשליכען אויער צוריק.

re'trahent *a.* (רי'-טרע-הענט) וואס
ציהט צוריק [וועגען דעם מוסקול וואס
ציהט אב צוריק דעם מענשליכען אויער].

re'tral *a.* (רי'-טרעל) הינטערשט, וואס
איז הינטען.

retransfer' *v.* (רי-טרענס-פויר') וויע=
דער איבערטראגען צום פאריגען פלאץ
אדער צושטאנד; איבערטראגען אדער
טראנספערירען נאך אמאל.

retrans'fer *n.* (רי-טרענס'-פער) דאס
איבערטראגען עפעס אויף דעם פריהרי=
גען ארט; דאס איבערטראגען אדער
טראנספערירען נאך אמאל.

retransform' *v.* (רי-טרענס-פארם')
ווידער אומענדערען אדער אומבייטען.

retransforma'tion *n.* (רי-טרענס-
פאר-מיי'-שאן) א צווייטע טראנספארמא=
ציאן אדער אומענדערונג.

retranslate' *v.* (רי-טרענס-לייט') אי=
בערזעצען אן איבערזעצונג צוריק אין דער
שפראך פון אריגינאל.

retransla'tion *n.* (רי-טרענס-ליי'-
שאן) די נאכאמאליגע איבערזעצונג; דאס
איבערזעצען אן איבערזעצונג צוריק אין
דער שפראך פון אריגינאל.

retransmis'sion *n.* (רי-טרענס-מיש'-
אן) דאס איבערגעבען נאך אמאל.

retransmit' *v.* (רי-טרענס-מיט') אי=
בערגעבען נאך אמאל.

retrax'it *n.* (רי-טרעק'-סיט) דאס צו=
ריקנעהמען א קלאגע [אין געריכט].

retreat' *n. and v.* (רי-טריעט') צו=
ריקציהונג, דאס צוריקציהען זיך; דאס
אבטרעטען צוריק [וועגען אן ארמעע
אויף'ן שלאכט=פעלד]; דער סיגנאל דורך
א באראבאן אדער טרומייט, וואס ווערט
געגעבען אין ארמעע, אז די סאלדאטען
זאלען געהן שלאפען אדער אויפשטעהן
פון שלאף; א רוה=פלאץ, איינזאמקייט,
אבגעזונדערטקייט; די צייט וואס איינער
איז א פרוש; אבטרעטען, געהן צוריק;
זיך אויפס=ניי איבערלעגען; זיך אבבוי=
גען אויף צוריק.

retrea'ter *n.* (רי-טריע'-טער) איינער
וואס טרעט אב צוריק.

retrench' *v.* (רי-טרענטש') 1. אבהאקען,
אבשניידען; פערקירצען, אויסלאזען;
2. פערקלענערען [די אויסגאבען]; 3. אין
מיליטער — פערשאנצען, בעפעסטיגען א
פלאץ מיט גראבענס.

2. The city must **retrench** its expenditures. 3. The army is **retrenched** on the other side of the river.

retrench'ment *n.* (רי-טרענטש'-מענט)
דאס אבשניידען; דאס פערקירצען; דאס
פערקלענערען [די הוצאה]; די פערשאנ=
צונג [דאס בעפעסטיגען אן ארט מיט
גראבענס].

retri'al *n.* (רי-טראי'-על) א צווייטער
געריכטס=פראצעס.

retrib'utary *a.* (רי-טריב'-יו-טע-רי)
ז. ***retributive***

retrib'uter *n.* (רי-טריב'-יו-טער) א
בעלוינער, א פערגעלטער, איינער וואס
צאהלט אב פאר שלעכטס; א נקמה=נעה=
מער.

retribu'tion *n.* (רעט-רי-ביו'-שאן) די
בעלוינונג, די פערגעלטונג; דאס בעצאה=
לען פאר שלעכטס; דאס נקמה=נעהמען;
אין טעאלאגיע — דאס געבען שכר ועונש
אויף יענער וועלט.

retrib'utive *a.* (רי-טריב'-יו-טיוו) בע=
לוינענד; וואס בעצאהלט לויט'ן פער=
דיענסט; ראכע נעהמענד.

retrib'utory *a.* (רי-טריב'-יו-טא-רי)
וואס דיענט אלס בעלוינונג פאר שלעכטס;
וואס דיענט אלס ראכע אדער נקמה.

retrie'vable *a.* (רי-טריע'-וועבל) וואס
קען אומגעקעהרט ווערען, וואס קען וויע=
דער איינגעשטעלט ווערען.

retrie'vableness *n.* (רי-טריע'-וועבל-
נעס) דאס קענען ווידער אומגעקעהרט ווע=
רען; דאס קענען ווידער געפונען ווערען.

retrie'vably *adv.* (רי-טריע'-ווע-בלי)
מיט א מעגליכקייט ווידער אומגעקעהרט
צו ווערען.

retrie'val *n.* (רי-טריע'-וועל) די אומ=
קעהרונג צוריק.

retrieve' *v.* (רי-טריעוו') אומקעהרען
[צו א פריהריגען אדער בעסערען צו=
שטאנד]; ווידער איינשטעלען; אויסבע=
סערען; אויסגעפינען; כאפען און בריינ=
גען די געשאסענע חיה אדער פויגעל [וועגען א יאגד=הונד].

retrieve'ment *n.* (רי-טריעוו'-מענט)
ז. ***retrieval***

retrie'ver *n.* (רי-טריע'-ווער) אן אויפ=
דעקער, אן אויפזוכער; א הונד וואס
הויבט אויף געשאסענע פויגלען אדער
טהיערע פאר א יעגער.

retrim' *v.* (רי-טרים') ווידער בעפוי=
צען, ווידער ארומשניידען.

ret'riment *n.* (רעט'-רי-מענט) אבפאל,
אבזאץ, פסלת.

retroact' *v.* (רי-טרא-עקט') צוריקווירי=
קען; האבען א ווירקונג אויף עפעס וואס
איז געווען פריהער.

retroac'tion *n.* (רי-טרא-עק'-שאן) צו=
ריקווירקונג; א ווירקונג אויף דאס פער=
גאנגענע.

retroac'tive *a.* (רי-טרא-עק'-טיוו) צו=
ריקווירקענד, וואס האט א ווירקונג אויף
דאס פערגאנגענע.

retroac'tive law (רי-טרא-עק'-טיוו
לאה) א צוריקווירקענדעס געזעץ [א גע=
זעץ, וואס ווערט אנגעווענדעט פאר פעלע,
וועלכע זיינען פארגעקומען איידער דאס
געזעץ איז אנגענומען געווארען].

retroac'tively *adv.* (רי-טרא-עק'-טיוו-
לי) צוריקווירקענדיג; מיט אן אנווענ=
דונג אדער ווירקונג אויף פערגאנגענע
פעלע.

retroac'tive stat'ute (רי-טרא-עק'-
טיוו סטעטשי'-יוט) א צוריקווירקענדער
סטאטוט אדער פעראררנונג [וואס ווערט
אנגעווענדעט אויף פעלע, וועלכע זיינען
פארגעקומען איידער דער סטאטוט אדער

די פערארדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען].

retrocede′ *v.* (רי-טרא-סיעד′) צוריקטרעטען, צוריקגעהן, זיך צוריקציהען; צוריק אבטרעטען; צוריקגעבען [אין בעזיץ].

retroce′dent *a.* (רי-טרא-סיע′-דענט) צוריקטרעטענד, זיך צוריקציהענד.

retroces′sion *n.* (רי-טרא-סעש′-אן) צוריקטרעטונג; צוריק-אבטרעטונג, דאס אבטרעטען צוריק; אין מעדיצין — די פערשווינדונג פון א געשוויר, הויט-אויסשלאג א. ז. וו.

retroces′sional *a.* and *n.* (רי-טרא-סעש′-אן-על) ז. *recessional*.

retrocol′lic *a.* (רי-טרא-קאל′-איק) וואס איז שייך צום נאקען.

retrocop′ulant *a.* (רי-טרא-קאפ′-יו-לענט) וואס האבען געשלעכטליכען פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענגעזעצטע ריכטונגען [וועגען געוויסע חיות].

retrocop′ulate *v.* (רי-טרא-קאפ′-יו-לייט) האבען געשלעכטליכען פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענגעזעצטע ריכטונגען [וועגען געוויסע חיות].

retrocopula′tion *n.* (רי-טרא-קאפ-יו-ליי′-שאן) געשלעכטליכער פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענגעזעצטע ריכטונגען [ביי געוויסע מינים חיות].

re′trodate *v.* (רי′-טרא-דייט) אנגעבען א פריהערע דאטע.

retrodevia′tion *n.* (רי-טרא-די-ווי-איי′-שאן) דאס זיין אבגערוקט צוריק-צו [הויפטזעכליך וועגען אן אוננארמאלער לאגע פון דער געבעהר-מוטער].

retroduct′ *v.* (רי-טרא-דאקט′) צוריקציהען, צוריקשלעפען, צוריקבריינגען, צוריקפיהרען.

retroduc′tion *n.* (רי-טרא-דאק′-שאן) דאס צוריקבריינגען; די צוריקפיהרונג; די צוריקציהונג.

re′troflex *a.* (רי′-טרא-פלעקס) געבויגען אויף צוריק, צוריקגעבויגען.

re′troflexed *a.* (רי′-טרא-פלעקסט) ז. *retroflex*.

retrogen′erative *a.* (רי-טרא-דזשענ′-ע-ריי-טיוו) ז. *retrocopulant*.

retrograda′tion *n.* (רעט-רא-גרע-דיי′-שאן) דאס געהן צוריק אדער ריקווערטס; רעגרעס; צוריקגאנג; ענטארטונג, דעגענעראציאן; די שיינבארע בעוועגונג פון מזרח צו מערב [פון די פלאנעטען].

ret′rograde *a.* and *v.* (רעט′-רא-גרייד) וואס געהט אדער בעוועגט זיך ריקווערטס; וואס שיינט זיך צו בעוועגען פערקעהרט אדער פון מזרח צו מערב [וועגען פלאנעטען]; צוריקטרעטענד; וואס ווערט ערגער, וואס רעגרעסירט, ווערט ענטארטעט אדער דעגענערירט; געהן אדער זיך בעוועגען ריקווערטס אדער צוריקוועגס; צוריקקעהרען, ארויסרופען א בעוועגונג ריקווערטס; רעגרעסירען, דעגענערירט ווערען; זיך בעוועגען פון מזרח צו מערב [וועגען דער שיינבארער בעוועגונג פון די פלאנעטען].

ret′rogradingly *adv.* (רעט′-רא-גריי-דינג-לי) זיך בעוועגענדיג אויף צוריק.

retrogres′sion *n.* (רי-טרא-גרעש′-אן) ז. *retrogradation*.

retrogres′sional *a.* (רי-טרא-גרעש′-אן-על) ז. *retrogressive*.

retrogres′sive *a.* (רי-טרא-גרעס′-איוו) וואס געהט צוריק, וואס בעוועגט זיך ריקווערטס, רעגרעסירענד, וואס ווערט דעגענערירט אדער ענטארטעט.

retrogres′sively *adv.* (רי-טרא-גרעס′-איוו-לי) זיך בעוועגענדיג אויף צוריק; רעגרעסירענדיג, ווערענדיג דעגענערירט אדער ענטארטעט.

retroin′sular *a.* (רי-טרא-אינ′-שיו-לאר) וואס געפינט זיך הינטער אן אינזעל.

retromin′gency *n.* (רי-טרא-מינ′-דזשענ-סי) דאס משתין זיין הינטערווייליך [ביי אייניגע חיות].

retromin′gent *a.* and *n.* (רי-טרא-מינ′-דזשענט) וואס איז משתין הינטערווייליך; א חיה, וואס איז משתין הינטערווייליך.

retroop′erative *a.* (רי-טרא-אפ′-ע-ריי-טיוו) ז. *retroactive*.

retropul′sion *n.* (רי-טרא-פאל′-שאן) צוריקשטויסונג; דאס געהן צוריקוועגס [אן אוננארמאליטעט ביי מענשען, וואס ליידען פון פאראליז]; דאס צוריקשטויסען דעם קינד'ס קאפ בעת דער געבורט.

retropul′sive *a.* (רי-טרא-פאל′-סיוו) וואס טרייבט אדער שטויסט צוריק.

retrorse′ *a.* (רי-טראהרס′) געווענדעט אדער געבויגען צוריק-צו.

retrorse′ly *adv.* (רי-טראהרס′-לי) צוריק-צו, אויף צוריק, ריקווערטס.

ret′rospect *n.* and *v.* (רעט′-רא-ספעקט) א בליק אויף צוריק, א בליק אויף דער פערגאנגענהייט; א פריהעריגע געשעהניש, די פערגאנגענהייט; ווארפען א בליק אויף צוריק אדער אויף דער פערגאנגענהייט.

retrospec′tion *n.* (רעט-רא-ספעק′-שאן) דאס ווארפען א בליק אויף צוריק; דאס בעטראכטען די פערגאנגענהייט; נאכדענקונג וועגען דער פערגאנגענהייט; ערינערונג.

retrospec′tive *a.* (רעט-רא-ספעק′-טיוו) צוריקבליקענד, בעטראכטענדיג די פערגאנגענהייט; צוריקווירקענד, וואס בעציהט זיך אויף דער פערגאנגענהייט [וועגען געזעצע, וואס זיינען גילטיג אויף פאר פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער די געזעצע זיינען געמאכט געווארען]; פערגאנגען, וואס איז פאריבער, וואס קען בעטראכט ווערען אלס פערגאנגענהייט.

retrospec′tively *adv.* (רעט-רא-ספעק′-טיוו-לי) אין בעצוג צו דער פערגאנגענהייט; צוריקבליקענדיג; בעטראכטענדיג די פערגאנגענהייט; צוריקווירקענדיג [וועגען געזעצע, וואס קענען אנגעווענדעט ווערען אויף פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער די געזעצע זיינען אנגענומען געווארען].

retrovac′cinate *v.* (רי-טרא-וועק′-סי-נייט) שטעלען פאקען א קוה מיט דער פאקען-מאטעריע גענומען פון מענשליכע פאקען; שטעלען פאקען מיט דער פאקען-מאטעריע פון א קוה, וועלכע איז אנגעשטעקט געווארען פון פאקען-מאטעריע פון א מענשען.

retrovac′cine *n.* (רי-טרא-וועק′-סין) פאקען-מאטעריע גענומען פון א קוה, וועלכע איז אנגעשטעקט געווארען מיט מענשליכער פאקען-מאטעריע.

retrover′sion *n.* (רי-טרא-וואיר′-שאן) צוריקבויגונג [הויפטזעכליך פון דער געבעהר-מוטער].

retrovert′ *v.* (רי-טרא-וואירט′) בויגען אדער ווענדען אויף צוריק.

re′trovert *n.* (רי′-טרא-וואירט) עטוואס וואס בויגט זיך אוים אויף צוריק; איינער וואס קעהרט זיך צוריק אום צו זיין פריהעריגען גלויבען.

retrovi′sion *n.* (רי-טרא-וויזש′-אן) דאס צוריקבליקען אדער זעהן די פערגאנגענהייט [הויפטזעכליך דורך אן איבערנאטירליכער פעהיגקייט אדער העל-זעהונג].

retrude′ *v.* (רי-טרוהד′) צוריקשטויסען.

retru′sion *n.* (רי-טרוה′-זשאן) צוריקשטויסונג; צוריקגעשטויסענהייט.

ret′tery *n.* (רעט′-ער-אי) א פלאץ, וואו מען ווייקט פלאקס.

ret′ting *n.* (רעט′-אינג) דאס ווייקען פלאקס; א פלאץ, וואו מען ווייקט פלאקס.

retund′ *v.* (רי-טאנד′) מאכען שטומפיג; מאכען טעמפ.

return′ *v.* and *n.* (רי-טוירן′) אומקעהרען, צוריקקעהרען; אבצאהלען, בעלוינען [פאר גוטס אדער שלעכטס]; ענטפערען, אבענטפערען; אבגעבען אן אפיציעלען בעריכט, דערלאנגען א ראפארט; געבען פראפיט אדער פראצענט, זיין דער קוואל פון פרנסה; אויסקלייבען, ערוועהלען א דעפוטאט אין פארלאמענט; זיך אומקעהרען, זיך צוריקקעהרען; נאך אמאל קומען [אויף'ן געדאנק, אין בעזיץ א. ד. ג.]; אבקלינגען צוריק [אלס א ווידערקול]; דאס אומקעהרען, דאס צוריקקעהרען; דאס צוריקקעהרען זיך, דאס ווערען ווידער צוריקגעשטעלט; אן ענטפער, אן אבענטפערונג; די וואהל [פון א דעפוטאט אין פארלאמענט]; א ווידער-קלאנג; פראפיט [פון אן אונטערנעהמונג], פרנסה; אן אפיציעלער בעריכט, א ראפארט.

returnabil′ity *n.* (רי-טויר-נע-ביל′-אי-טי) דאס קענען אומגעקעהרט אדער צוריקגעקעהרט ווערען.

retur′nable *a.* (רי-טויר′-נעבל) וואס קען צוריקגעגעבען ווערען; וואס דארף לויט'ן געזעץ אומגעקעהרט ווערען צוריק; אויף וואס מען דארף געבען אן ענטפער.

return′ a vis′it (רי-טוירן′ ע וויז′-איט) אבגעבען א וויזיט.

return′-ball *n.* (רי-טוירנ′-באהל) א באל וואס איז צוגעבונדען צו אן עלאסטישען פאדים, און בעת מען ווארפט איהם, ווערט ער צוריקגעצויגען צוריק צו דער האנד.

return′-car′go *n.* (רי-טוירנ′-קאר′-גאו) סחורה וואס ווערט צוריקגעבראכט אנשטאט דער ארויסגעשיקטער סחורה.

return′-check *n.* (רי-טוירנ′-טשעק) א קאנטראמארקע, א בילעט וואס ווערט געגעבען איינעם ביים ארויסגאנג פון טעאטער בעת דאס שוישפיעל האט זיך נאך ניט געענדיגט, כדי ער זאל קענען אריינגעהן צוריק.

return′-day *n.* (רי-טוירנ′-דיי) אין געריכטס-פיהרונג — דער טאג וואס ווערט בעשטימט פאר דעם אנגעקלאגטען צו ערשיינען פאר'ן געריכט.

retur′ner *n.* (רי-טויר′-נער) דער אדער דאס וואס קעהרט אום; דער וואס צאהלט צוריק.

retur′ning-board *n.* (רי-טויר′-נינג-באורד) אין אייניגע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן אפיציעל-בעשטימטער קאמיטעט פון עמטליכע שטאאטס בעאמטע, וועלכער צעהלט

די אנגעגעבענע שטימען און מעלדעט וועגען די רעזולטאטען פון די וואהלען אין שטאאט.

retur'ning-of'ficer *n.* (רי-טויר'-נינג-אפ'-אי-סער) דער וואהל=קאמיסאר, דער בעאמטער, וועלכער מעלדעט וועגען דעם רעזולטאט פון די וואהלען.

return' in wri'ting (רי-טוירן' אין ראי'-טינג) ענטפערען שריפטליך.

return'-match *n.* (רי-טוירנ'-מעטש) א צווייטער וועט=קאמפף פון דיזעלבינע צוויי געגנערישע צדדים.

return' request' (רי-טוירן' רי-קהוועסט') אז אויפשריפט אויף א בריעף, אז אויב דער בריעף וועט ניט געליפערט ווערען אין א בעשטימטער צייט, זאל מען איהם אומקעהרען צו דעמיעניגען, וואס האט דעם בריעף געשיקט.

return'-tick'et *n.* (רי-טוירנ'-טיק'-עט) א רעטור=בילעט, א בילעט צו פאהרען אהין און צוריק.

return' to the plough (ריטוירן' טו טהי פלאו) וויעדער ציהען די ליאמקע; נעהמען אויף זיך שווערע ארבייט.

retuse' *a.* (רי-טיוס') — אין באטאניק — וואס האט א רונדען ענד מיט אן איינשניט אין מיטען [וועגען געוויסע בלעטער]. ז. *retuse leaf*.

retuse' leaf (רי-טיוס' ליעף) א בלאט וואס האט א רונדען ענד מיט אן איינשניט אין מיטען.

Retuse Leaf

reu'nion *n.* (רי-יו'-ניאן) די וויעדער=פעראייניגונג; וויעדער=איבעראיינשטימונג, בענייטע הארמאניע; א צוזאמענקונפט פון נאהענטע מענשען, וועלכע זיינען א צייט געווען צושיידעט.

reunite' *v.* (רי-יו-נאיט') וויעדער פעראייניגען; וויעדער אויסגלייכען, וויעדער מאכען שלום; זיך וויעדער פעראייניגען.

reuni'tedly *adv.* (רי-יו-נאי'-טעד-לי) אויף א וויעדער=פעראייניגטען שטייגער.

reurge' *v.* (רי-אוירדזש') וויעדער דרינגען, צווינגען אדער שטארק בעשטעהן אויף עפעס.

re'us *n.* (רי'-אס) — אין יוריספרודענץ — דער וואס דארף זיך פערטיידיגען אין געריכט, דער אנגעקלאגטער.

reuse' *v.* (רי-יוז') נאך אמאל בענוצען.

reuse' *n.* (רי-יוס') וויעדער=בענוצונג.

reu'tilize *v.* (רי-יו'-טיל-איז) וויעדער אויסנוצען.

reut'ter *v.* (רי-אט'-ער) נאך אמאל אויסזאגען; וויעדער אויסדריקען.

revac'cinate *v.* (רי-וועק'-סי-נייט) נאך אמאל שטעלען פאקען; נאך אמאל אריינשפריצען.

revaccina'tion *n.* (רי-וועק-סי-ניי'-שאן) דאס שטעלען פאקען נאך אמאל.

revalua'tion *n.* (רי-וועל-יו-איי'-שאן) דאס איבערשאצען פון דאס ניי.

reval'ue *v.* (רי-וועל'-יו) וויעדער שאצען, איבערשאצען נאך אמאל.

revamp' *v.* (רי-וועמפ') וויעדער פעריכטען, איבערמאכען נאך אמאל.

revar'nish *v.* (רי-וואר'-ניש) איבערלאקירען, וויעדער אמאל לאקירען.

reveal' *v.* (רי-וויעל') אויפדעקען, ענטדעקען; ענטפלעקען, לאזען וויסען דורך ענטפלעקונג אדער דורך'ן רוח הקדש.

revea'lable *a.* (רי-וויע'-לעבל) וואס קען אויפגעדעקט אדער ענטפלעקט ווערען.

revea'lableness *n.* (רי-וויע'-לעבל-נעס) דאס קענען אויפגעדעקט אדער ענטפלעקט ווערען.

revealed' *a.* (רי-וויעלד') אויפגעדעקט, ענטפלעקט; וואס איז בעוואוסט געווארען דורך רוח הקדש.

revea'ler *n.* (רי-וויע'-לער) אן ענטדעקער, אן ענטפלעקער.

reveal'ment *n.* (רי-וויעל'-מענט) די ענטפלעקונג, די אפענבארונג.

reveil'le *n.* (רע-ווייל'-יע) אין מיליטער — דער סיגנאל וואס ווערט געגעבען אין דער פריה דורך א באראבאן אדער טרומייט, אז די סאלדאטען זאלען אויפשטעהן.

rev'el *v. and n.* (רעוו'-על) הוליען, אנטייל נעהמען אין א הוליאנקע; פרעהליך טאנצען; האבען גרויס פערגניגען; האנדלען מוטוויליג אדער געזעצלאז; האנדלען נאך דעם אייגענעם קאפריז; א הוליאנקע; א לוסטיגער קערמישעל; אן אונטערהאלטונג מיט לוסטיגע טענץ; א יום=טוב וואס ווערט געמאכט ביי דער איינווייהונג פון א קירך.

revela'tion *n.* (רעוו-אי-ליי'-שאן) די ענטפלעקונג, די אפענבארונג; די געטליכע אפענבארונג; די אפענבארונג פון רעליגיעזע וואהרהייטען; דאס ענטדעקען, דאס ענטפלעקען; אין פילאזאפיע — דאס אונמיטעלבארע בעוואוסטזיין פון עטוואס רעאלעם אדער ווירקליכעם [אהן דער מיטווירקונג פון די חושים].

Revela'tion *n.* (רעוו-אי-ליי'-שאן) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די ענטפלעקונג אדער די אפענבארונג פון דעם הייליגען יאהאן; דער אפאקאליפסיס [דער לעצטער טייל פון נייעם טעסטאמענט, וואס איז געשריבען פון דעם אפאסטאל יאהאן, לויט דער בעהויפטונג פון דער קירך].

revela'tional *a.* (רעוו-אי-ליי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן ענטפלעקונג אדער אפענבארונג.

rev'elatory *a.* (רעוו'-אי-ליי-טא-רי) וואס האט דעם כאראקטער פון אן ענטפלעקונג אדער אפענבארונג.

rev'eler *n.* (רעוו'-על-ער) א הוליאק, א לעבע=יונג; אן אויסגעלאזענער מענש, א שארלאטאן.

revel'lent *a.* (רי-וועל'-ענט) וואס ציהט אב; וואס פעראורזאכט א העפטיגע אבציהונג פון פלוס [מאטעריע]; וואס פעראורזאכט א געגען=רייצונג; וואס פעראורזאכט א פלעצליכע ענדערונג אין דער שטימונג.

rev'eller *n.* (רעוו'-על-ער) ז. *reveler*.

rev'elment *n.* (רעוו'-על-מענט) דאס הוליען, דאס מאכען הוליאנקעס.

rev'el-rout *n.* (רעוו'-על-ראוט) א חברה הוליאקעס; א צונויפגעלאפענער המון; א ווילדע הוליאנקע; א טאנץ=אונטערהאלטונג.

rev'elry *n.* (רעוו'-על-רי) דאס הוליען; א הוליאנקע.

reven'dicate *v.* (רי-ווענ'-די-קייט) ז. *revindicate*.

revendica'tion *n.* (רי-ווענ-די-קיי'-שאן) ז. *revindication*.

revenge' *v. and n.* (רי-ווענדזש') ראכע נעהמען, זיך נוקם זיין; נעהמען רעוואנש; ראכע, נקמה; די לוסט צו נעהמען נקמה; ראכגיעריגקייט, ראכזיכטיגקייט.

revenge'ful *a.* (רי-ווענדזש'-פול) פול מיט נקמה, ראכגיעריג, ראכזיכטיג, וואס זוכט נקמה צו נעהמען.

revenge'fully *adv.* (רי-ווענדזש'-פול-אי) דורך ראכע, אויס נקמה; מיט ראכזיכטיגקייט, מיט ראכגיעריגקייט.

revenge'fulness *n.* (רי-ווענדזש'-פול-נעס) ראכזוכט, דער וואונש צו נעהמען נקמה.

revenge'less *a.* (רי-ווענדזש'-לעס) וואס מען האט ניט גענומען קיין נקמה דערפאר; אהן נקמה.

reven'ger *n.* (רי-ווענ'-דזשער) א ראכע=נעהמער, א נוקם, איינער וואס נעהמט נקמה.

reven'gingly *adv.* (רי-ווענ'-דזשינג-לי) אויס ראכע, פון נקמה וועגען.

rev'enue *n.* (רעוו'-ע-ניו) יעהרליכע הכנסה, יעהרליכער פערדיענסט אדער פראפיט; די יעהרליכע הכנסה פון א מלוכה וואס זי נעהמט איין צו דעקען איהרע אויסגאבען; איינקונפט, הכנסה; א בעלוינונג.

rev'enue cut'ter (רעוו'-ע-ניו קאט'-ער) א צאל=שיף [א שיף וואס בעוואכט די ברעגען, אז עס זאלען ניט אריינגעפיהרט ווערען קיין אויסלענדישע סחורות אהן צאל].

rev'enued *a.* (רעוו'-ע-ניוד) וואס האט אן איינקונפט אדער הכנסה.

rev'enue law (רעוו'-ע-ניו לאה) א געזעץ, וואס בעשטימט די קוועלען, פון וועלכע די יעהרליכע הכנסות פון דער מלוכה זאלען גענומען ווערען.

rev'enue-of'ficer *n.* (רעוו'-ע-ניו-אפ'-אי-סער) א צאל=בעאמטער.

rev'enue tar'iff (רעוו'-ע-ניו טער'-איף) אן אבצאהל אויף אויסלענדישע סחורות, וואס האט בלויז דעם צוועק צו פערגרעסערען די הכנסות פון דער מלוכה [אין געגענזאץ צו שוץ=צאל וואס האט דעם צוועק צו שיצען די אינלענדישע פראדוקציאן פון דער אויסלענדישער קאנקורענץ].

rever'able *a.* (רי-וויער'-עבל) וואס איז ווערטה הויכאכטונג.

rever'berant *a.* (רי-וואיר'-בער-ענט) וואס פעראורזאכט א וויעדערקלאנג אדער אן אבקלאנג.

rever'berate *v. and a.* (רי-וואיר'-בער-אייט) ארויסגעבען א וויעדערקלאנג; צוריקווארפען, רעפלעקטירען [ווי ליכטשטראהלען, א קלאנג א. ד. ג.]; אבבויגען א פלאם פון איהר ריכטונג; בענוצען רעפלעקטירטע היץ; צוריקגעווארפען ווערען, רעפלעקטירט ווערען; אבקלינגען; צוריקגעווארפען, רעפלעקטירט; וואס פעראורזאכט א וויעדערקלאנג.

reverbera'tion *n.* (רי-וואיר-בע-ריי'-שאן) די צוריקווארפונג; די צוריקשטראהלונג, די רעפלעקטירונג [פון ליכט אדער היץ]; דאס אבקלינגען, דאס צוריקווארפען א קלאנג; א וויעדער=קול, א וויעדערקלאנג; די בויגונג פון דעם פלאם אין מיטעלפונקט פון א פלאם=אויווען. ז. *reverberatory furnace*.

rever'berative *a.* (רי-וואיר'-בער-איי-טיוו) צוריקווארפענד, רעפלעקטירענד.

rever'berator *n.* (רי-וואיר'-בער-איי-טאר) עטוואס וואס ווארפט צוריק אדער רעפלעקטירט; א רעפלעקטאר=לאמפ [א לאמפ מיט א פארריכטונג צו רעפלעקטירען דאס ליכט].

rever'beratory *a.* (רי-וואיר'-בער-איי-טא-רי) וואס ווארפט צוריק, וואס

רעפלעקטירט [א ליכט=שטראהל, א קלאנג,
היץ]; א פלאם=אויווען.
ז. *reverberatory furnace*

rever'beratory fur'nace (רי-וואיר'-
בער-איי-טא-רי פויר'-נעס) א פלאם=אוי=
ווען [א שמעלץ=אויוועז מיט א געוויסער
אויסבויגונג פון אויבערשטען דעק וואס
דורך דעם ווערט דער פלאם געטריבען
אין מיטעל=פונקט פון אויווען, וואו דאס
מאטעריאל, וואס דארף דערהיצט ווערען,
געפינט זיך].



Reverberatory Furnace

revere' *v.* (רי-וויער') הויך אכטען,
פערעהרען; פיהלען א יראת הכבוד.
We all revere our teacher.

rev'erence *n. and v.* (רעוו'-ע-רענס)
הויכאכטונג, יראת הכבוד, עהרפורכט;
א קניקס, א העפליכע פערנייגונג; פער=
עהרען, הויך אכטען, פיהלען א יראת
הכבוד.

rev'erencer *n.* (רעוו'-ע-רענ-סער) א
פערעהרער, איינער וואס פיהלט עהר=
פורכט אדער א יראת הכבוד.

rev'erend *a.* (רעוו'-ע-רענד) הויכאכ=
טענד, פערעהרענד; עהרענווירדיג, הויכ=
ווירדיג. [אלס טיטול פון א גייסטליכען];
וואס איז א גייסטליכער.

rev'erent *a.* (רעוו'-ע-רענט) פול מיט
יראת הכבוד, פול מיט עהרפורכט;
שטארק [וועגען שנאפס].

reveren'tial *a.* (רעוו-ע-רענ'-שעל)
פול מיט עהרפורכט, פול מיט יראת
הכבוד.

reveren'tial awe (רעוו-ע-רענ'-שעל
אה) הייליגע עהרפורכט.

reveren'tially *adv.* (רעוו-ע-רענ'-שעל-
אי) מיט יראת הכבוד, מיט עהרפורכט.

rev'erently *adv.* (רעוו'-ע-רענט-לי)
ז. *reverentially*

rever'er *n.* (רי-וויער'-ער) א פערעה=
רער, איינער וואס אכטעט זעהר הויך
אדער האט יראת הכבוד.

rev'erie *n.* (רעוו'-ע-רי) שווערמעריי,
טרוימעריי; דאס פאנטאזירען; א חלום,
א פאנטאזיע; א מוזיקאלישע פאנטאזיע.

rev'erist *n.* (רעוו'-ע-ריסט) א טרוי=
מער, א פאנטאזיאר, א בעל=חלומות.

revers' *n.* (רי-ווייר') דער טייל פון א
בגד וואס איז איבערגעקעהרט אויף דער
אנדערער זייט, ווי א לאץ אדער א מאנ=
זשעט; דער שטאף מיט וואס עס ווערט
בעצויגען אזא טייל [ווי זייד מיט וואס
מען בעציהט א לאץ אדער מאנזשעט].

reversabil'ity *n.* (רי-וואיר-סע-ביל'-
אי-טי) ז. *reversibility*

rever'sable *a.* (רי-וואיר'-סעבל)
ז. *reversible*

rever'sal *n.* (רי-וואיר'-סעל) אן איבער=
קעהרונג, אן אומדרעהונג, אן אומענדע=
רונג [פון א האנדלונג, א ריכטונג, א
צושטאנד א. ד. ג.]; אין פיזיק — די
ענדערונג פון א העלער ליניע פון ספעקט=
רום אין א דונקעלער ליניע און אומגע=
קעהרט; דאס אומענדערען אדער אומ=
ווארפען אן אורטייל.

rever'satile *a.* (רי-וואיר'-סע-טיל)
ז. *reversible*

reverse' *v., n. and a.* (רי-וואירס') אי=
בערקעהרען, איבערדרעהן; איבערקעהרען
אויף דער אנדערער זייט; צוטומלען, צו=
מישען; צוריקרופען, מבטל זיין [אן
אורטייל, א בעשלוס, א געזעץ א. ד. ג.];
מאכען אן איבערקעהרעניש; ענדערען די
שטעלונג אדער די ריכטונג, זיך איבער=
דרעהן אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג;
א פאלשטענדיגע אומענדערונג; אן אי=
בערקעהרעניש; אן איבערקעהרונג, אן
אומדרעהונג; דאס ענדערען זיך פון מזל;
א מפלה, א נידערלאגע; עטוואס וואס
איז איבערגעקעהרט; דער געגענזאץ, דער
היפוך; די לינקע זייט פון א מטבע;
איבערגעקעהרט; פערקעהרט; ענטגעגענ=
געזעצט, וואס איז להיפוך.

reversed' *a.* (רי-וואירסט') איבערגע=
קעהרט אויף דער אנדערער זייט; איבער=
געדרעהט; בטול געמאכט [אן אורטייל].

reverse'less *a.* (רי-וואירס'-לעס) וואס
קען ניט איבערגעדרעהט ווערען; וואס
קען ניט געענדערט ווערען; וואס קען ניט
צוריקגערופען ווערען אדער בטול געמאכט
ווערען.

reverse'ly *adv.* (רי-וואירס'-לי) אין אן
ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג אדער ארד=
נונג; פון דער אנדערער זייט, אין געגענ=
זאץ, להיפוך.

rever'ser *n.* (רי-וואיר'-סער) אן אי=
בערקעהרער, אן אומענדערער; א פארריכ=
טונג צו ענדערען די ריכטונג פון אן עלעק=
טרישען שטראם; איינער וואס האט א
רעכט אויף א געוויסען אייגענטום אין
דער צוקונפט.

rever'si *n.* (רי-וואיר'-סי) רעווערסי
[אן אלט=פראנצויזיש שפיעל אין קאר=
טען, וואס דער געווינער איז דער, ווער
עס נעהמט אריין וועניגער קארטען]; א
שפיעל עהנליך צו דאמקעס וואס די פעש=
קעס זיינען פערשיעדען געפארבט פון
ביידע זייטען, און אנשטאט זיי צו רוקען,
קעהרט מען זיי איבער.

reversibil'ity *n.* (רי-וואיר-סי-ביל'-
אי-טי) דאס קענען איבערגעקעהרט ווע=
רען; דאס קענען איבערגעקעהרט ווערען
אויף דער אנדערער זייט.

rever'sible *a. and n.* (רי-וואיר'-סיבל)
וואס מען קען איבערקעהרען; וואס מען
קען איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט;
דאפעלזייטיג; וואס קען געענדערט ווע=
רען; וואס קען צוריקגערופען ווערען
אדער ערקלערט ווערען אונגילטיג [ווע=
גען אן אורטייל]; א דאפעל=זייטיגער
שטאף [א געוועבטער שטאף וואס קען
געטראגען ווערען פון ביידע זייטען].

rever'sibly *adv.* (רי-וואיר'-סי-בלי)
קענענדיג איבערגעקעהרט ווערען אדער
אומגעענדערט ווערען.

rever'sing-gear *n.* (רי-וואיר'-סינג-
גיער) די טריעב=ווערק פון א דאמפף=מא=
שין, וועלכע דיענען צו ענדערען די בע=
וועגונגס=ריכטונג.

rever'sing-lev'er *n.* (רי-וואיר'-סינג-
לעוו'-ער) א הויבעל אדער הענטעל אין
א דאמפף=מאשין אומצוקעהרען די וויר=
קונג פון דאמפף אום צו ענדערען די ריכ=
טונג פון דער בעוועגונג.

rever'sing-mo'tion *n.* (רי-וואיר'-
סינג-מאו'-שאן) א מעכאניזם צום ענדערען
די ריכטונג פון דער בעוועגונג פון א
דאמפף=מאשין.

rever'sion *n.* (רי-וואיר'-שאן) אומקעה=
רונג; דאס אומקעהרען צו א פריהריגען
צושטאנד; אטאוויזם, דאס צוריקקעהרען
זיך צו דעם טיפ פון אלטע דורות; דאס
אומקעהרען זיך צום ווילדען צושטאנד
[וועגען הויז=חיות]; דאס אומקעהרען זיך
פון אייגענטום צו דעם פריהריגען אייגענ=
טימער אדער צו די יורשים נאכדעם ווי
דער טערמין פון דער קאנצעסיע אויף דיע=
זען אייגענטום האט זיך געענדיגט; א
רעכט אויסצוקויפען פער'משכונ'טעם איי=
גענטום; יעהרליכע פענסיע וואס דארף
אויסגעצאהלט ווערען אין דער צוקונפט;
א רעכט אדער האפנונג אויף אן אייגענ=
טום אין דער צוקונפט; א האפנונג אדער
רעכט אויף א ירושה אדער נאכפאלגער=
שאפט; עטוואס וואס איז נאכגעלאזען
אדער איבערגעבליבען.

rever'sionary *a.* (רי-וואיר'-שאנ-ע-
רי) וואס האט א האפנונג אדער רעכט
אויף א ירושה אדער א נאכפאלגערשאפט;
וואס האט די נייגונג זיך אומצוקעהרען
צו דעם טיפ פון די פריהריגע דורות;
וואס איז שייך צו דער אומקעהרונג פון
אייגענטום צום פריהריגען אייגענטימער.
ז. *reversion*

rever'sioner *n.* (רי-וואיר'-שאנ-ער)
איינער וואס איז בעשטימט אלס יורש;
איינער וואס האט דאס רעכט צו בעקומען
געוויסע גיטער אין דער צוקונפט נאכדעם
ווי דער טערמין פון דער קאנצעסיע, וואס
איז אויף זיי ארויסגעגעבען געווארען וועט
זיך ענדיגען; איינער וואס איז בערעכ=
טיגט אויף געוויסע גיטער אין דער צו=
קונפט.

rever'sis *n.* (רי-וואיר'-סיס) רעווערסי
[א פראנצויזישעם קארטען=שפיעל וואו
דער געווינער איז דער, וואס נעהמט אריין
וועניגער קארטען].

rever'sive *a.* (רי-וואיר'-סיוו) אטא=
וויסטיש, וואס האט די נייגונג זיך אומ=
צוקעהרען צו דעם טיפ פון די אלטע
דורות.

rever'so *n.* (רי-וואיר'-סאו) די לינקע
זייט פון א בלאט פון א בוך [די זייט
פון בלאט אויף וועלכער עס איז גע=
שטעלט א גראד=נומער].

revert' *v.* (רי-וואירט') אומקעהרען;
אומווענדען; אומדרעהען; זיך אומקעה=
רען, זיך אומווענדען, זיך אומדרעהען;
צוריקקעהרען, צוריקקומען; זיך צוריק=
קעהרען; זיך צוריקווענדען; אין ביאלא=
גיע — זיך אומקעהרען צו א פריהריגען
טיפ אדער ענטוויקלונגס=פארם; זיך אומ=
קעהרען צום פריהריגען אייגענטימער
[וועגען אייגענטום]; צוריק מאכען אונ=
אויפלעזבאר [וועגען א כעמישען שטאף,
וואס איז פריהער געמאכט געווארען אויפ=
לעזבאר].

rever'ted *a.* (רי-וואיר'-טעד) אומגע=
קעהרט צוריק, אומגעווענדעט, אומגע=
דרעהט.

rever'tible *a.* (רי-וואיר'-טיבל) וואס
קען אומגעקעהרט אדער אומגעווענדעט
ווערען; וואס קען צוריק איבערגעהן צום
פריהריגען אייגענטימער; וואס קען צו=
ריק געמאכט ווערען אונאויפלעזבאר [ווע=
גען געוויסע כעמישע שטאפען, וועלכע
זיינען פריהער געמאכט געווארען אויפ=
לעזבאר]; וואס קען זיך אומקעהרען
צו א פריהריגען צושטאנד אדער טיפ.
ז. *reversion*

rever'tive *a.* (רי-וואיר'-טיוו) וואס
קעהרט זיך צוריק, אבטרעטענד, צוריק=
טרעטענד.

rever'tively *adv.* (רי-וואיר'-טיוו-לי) דורך אומווענדונג; דורך אומקעהרונג צו א פריהריגען צושטאנד.

rev'ery *n.* (רעוו'-ע-רי) ז. *reverie*

revest' *v.* (רי-וועסט') ווידער געבען איינעם אן אמט אדער ראנג; ווידער אריינטרעטען אין בעזיץ פון אן אייגענטום; ווידער אין קראפט טרעטען.

reves'tiary *n.* (רי-וועס'-טי-איי-רי) א קליידער=צימער אין א קירך אדער קלויסטער.

reves'try *n.* (רי-וועס'-טרי) ז. *revestiary*

revet' *v.* (רי-וועט') אויסלעגען אדער בעדעקען מיט שטיינער אדער אנדערע מאטעריאלען [ווי למשל, א דאמבע].

revet'ment *n.* (רי-וועט'-מענט) א שטיין=וואנד צום פערהיטען אן ערד=מאסע, אז זי זאל זיך ניט אראבשיטען [ווי ביי א וואל פון פעסטונגס=ווערק, ביי א דאמבע א. ז. וו.]; א צודעק פון שטיין אדער מעטאל, וואס ווערט אויסגעלעגט ארום בוי=ווערק מיט'ן צוועק זיי צו פערציערען אדער בעפעסטיגען.

revict'ual *v.* (רי-וויט'ל) ווידער פערזארגען מיט לעבענס=מיטלען; אויפס=ניי זיך בעזארגען מיט פארראטה אדער שפייז=פראדוקטען.

review' *v. and n.* (רי-וויו') 1. רעוויי=דירען; דורכקוקען, דורכזעהן נאך אמאל; 2. איבערגעהן נאך אמאל [ווי למשל, א שטודיום=קורס], איבער'חזר'ען; 3. זיך אומקוקען אויף דער פערגאנגענהייט, ארויסרופען אין זכרון, זיך דערמאהנען; 4. קריטיש בעטראכטען, געבען א קריטישע איבערזיכט אדער רעצענזיע; 5. מושטירען; 6. א רעוויזיאן, אן איבערזיכט, אן איבערבליק [הויפטזעכליך א ליטעראריש=קריטישע]; א קריטיק; א בענייטע אדער ווידערהאלטע איבערזיכט; רעווידירונג פון א פראצעס; אן אינספעקציאן, רעוויו אדער מושטירונג [פון מיליטער אדער פון א פלאטע]; א רעוויו אדער ליטעראריש=קריטישע פעריאדישע אויסגאבע.

1. The court of appeals **reviewed** the decisions of the inferior court. 2. At the end of the school term all the subjects are **reviewed**. 5. The general **reviewed** the regiment.

review'able *a.* (רי-וויו'-עבל) וואס קען קריטיקירט ווערען; וואס קען רעצענזירט ווערען; וואס קען רעווידירט ווערען.

review'al *n.* (רי-וויו'-על) א קריטישער איבערבליק, א קריטיק, א רעצענזיע.

review'er *n.* (רי-וויו'-ער) דער וואס קוקט איבער אדער רעווידירט; א קריטיקער, א רעצענזענט.

revig'orate *v. and a.* (רי-וויג'-אר-אייט) אבפרישען, צוגעבען נייע קרעפטען; אבגעפרישט, געקרעפטיגט פון דאס ניי.

revile' *v.* (רי-וואיל') זידלען, בעליידיגען; מאכען פארווירפע, טאדלען.

revile'ment *n.* (רי-וואיל'-מענט) זידלעריי, דאס זידלען, בעליידיגונג; א פארוואורף, טאדלונג.

revi'ler *n.* (רי-וואי'-לער) א זידלער, א בעליידיגער, א טאדלער.

revi'lingly *adv.* (רי-וואי'-לינג-לי) בעליידיגענדיג, מיט זידלעריי, טאדלענדיג.

revin'dicate *v.* (רי-ווינ'-די-קייט) צוריקפאדערען, צוריקמאהנען; צוריק מאכען אן אנשפרוך אדער האבען פרעטענזיעס אויף עפעס.

revindica'tion *n.* (רי-ווינ-די-קיי'-שאן) צוריקפאדערונג; דאס צוריקמאהנען; א בענייטער אנשפרוך אדער פרעטענזיע אויף עפעס.

revi'sal *n.* (רי-וואי'-זעל) דורכקוקונג, דורכזעהונג [מיט'ן צוועק אויסצובעסערען]; א רעוויזיאן.

revise' *v. and n.* (רי-וואיז') דורכקוקען צום צווייטען מאל; מאכען א צווייטע אונטערזוכונג, רעווידירען; דורכקוקען, דורכזעהן [מיט'ן צוועק אויסצובעסערען]; אויסבעסערען, רעפארמירען; א רעוויזיאן; דורכזעהונג [מיט'ן צוועק אויסצובעסערען]; רעווידירונג; אויסבעסערונג; א קארעקטור.

Revised' Ver'sion (רי-וואיזד' וואיר'-שאן) די רעווידירטע און אויסגעבעסערטע איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש, וואס איז געמאכט געווארען אין די יאהרען 1870—84.

revi'ser *n.* (רי-וואי'-זער) איינער וואס קוקט איבער און בעסערט אויס; א קארעקטאר.

revi'sion *n.* (רי-וויזש'-אן) רעווידירונג; רעוויזיאן; דורכקוקונג אדער אונטערזוכונג צום צווייטען מאל; דורכקוקונג, דורכזעהונג [מיט'ן צוועק אויסצובעסערען]; אן איבערגעקוקטע און אויסגעבעסערטע אויפלאגע [פון א ליטערארישען ווערק].

Revi'sion *n.* (רי-וויזש'-אן) ז. *Revised Version*

revi'sional *a.* (רי-וויזש'-אנ-על) ז. *revisionary*

revi'sionary *a.* (רי-וויזש'-אנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א רעוויזיאן, צו א דורכזעהונג [מיט'ן צוועק אויסצובעסערען]; דורכזעהענד און אויסבעסערענד, רעווידירענד; דורכקוקענד צום צווייטען מאל.

revi'sionist *n.* (רי-וויזש'-אנ-איסט) א רעוויזיאניסט, אן אנהענגער פון רעוויזיאן [רעפארמירונג פון א פארטיי=פראגראם, פון פרינציפען אדער א גלויבען]; איינער וואס רעווידירט, קוקט דורך נאך אמאל און בעסערט אויס [הויפטזעכליך איינער פון די אויסבעסערער פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער ביבעל].

Revi'sionist *n.* (רי-וויזש'-אנ-איסט) א רעוויזיאניסט, אן אנהענגער פון דער רעוויזיאניסטישער ריכטונג אין דער סאציאל=דעמאקראטישער פארטיי פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער [די רעוויזיאניסטישע ריכטונג טרעט ארויס געגען געוויסע פונקטען פון מארקסיזם און האלט, אז די סאציאליסטישע ארדנונג קען פערווירקליכט ווערען ניט דורך א רעוואלוציאן, נאר שטופענווייז דורך סאציאלע רעפארמען. נאר אזוי ווי רעפארמען קענען דורכגעפיהרט ווערען בלויז אין פארלאמענט און דורך א מעהרהייט שטימען, דעריבער פאדערט דיעזע ריכטונג, אז די סאציאל=דעמאקראטישע פארטיי זאל זיך אבזאגען פון איהר אלטער טאקטיק פון ארויסטרעטען געגען אלע בירגערליכע פארטייען, נאר זי זאל שליסען קאמפראמיסען און מאכען שטענדיגע פשרות מיט אנדערע פראגרעסיווע פארטייען, וועלכע שטעהען אויף פאר דער אדער יענער סאציאלער רעפארמע].

revis'it *v. and n.* (רי-וויז'-איט) ווידער בעזוכען; זיך צוריקקעהרען; א צווייטער בעזוך אדער וויזיט; צוריקקעהר [הויפטזעכליך נאך א לאנגער אבוועזענהייט].

revis'itant *a.* (רי-וויז'-אי-טענט) ווידער בעזוכענד; זיך צוריקקעהרענד [הויפטזעכליך נאך א לאנגער אבוועזענהייט].

Ro'man ar'chitecture (ראו'-מען אר'-קי-טעק-טשור) רוימישע ארכיטעקטור, דער סטיל פון ארכיטעקטור אין אלטען רוים, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט רונדע בויגענס און געוועלבען און מיט רונדע אדער פיער=קאנטיגע גריכישע זיילען].

Ro'man bal'ance (ראו'-מען בעל'-ענס) א רוימישע וואג, א בעזמען, וואו דער שטיץ=פונקט איז אויף איין ארט און די אראבהענגענדע וואג בעוועגט זיך ארויף און אראב. ז. *steelyard*.

Ro'man can'dle (ראו'-מען קענדל) רוימישע ליכט, די קוגעל=ראקעטע [א מין פייערווערק, וואס שיסט אויס מיט פיעלפארביגע שטערען און קוגלען].

Ro'man Cath'olic (ראו'-מען קעטה'-א-ליק) רוימיש=קאטויליש, וואס איז שייך צו דער רוימיש=קאטוילישער קירך; א קאטויליק.

Ro'man Cath'olic Church (ראו'-מען קעטה'-א-ליק טשוירטש) די רוימיש=קאטוילישע קירך [די קריסטליכע קירך, וועלכע אנערקענט דעם רוימישען פאפסט אלס קריסטוס'עס פארשטעהער אויף דער ערד].

Ro'man Cathol'icism (ראו'-מען קע-טהאל'-אי-סיזם) קאטויליציזם, די דאגמען, לעהרען און פרינציפען פון דער רוימיש=קאטוילישער קירך.

Romance' *n. and a.* (רא-מענס') ראמאנישע שפראך; וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפראכען. ז. *Romance language*.

romance' *n. and v.* (רא-מענס') א ראמאנס, א פאעטישע ערצעהלונג, וועלכע אנטהאלט אין זיך מעהרערע פאנטאסטישע פאסירונגען און פאעטישע שטימונגען; א ריטער=ראמאן; אין מוזיק — א ראמאנס; א קורץ פאעטיש ליעבעס=ליעד

געזונגען אדער געשפּיעלט אהן ווערטער; א צארטע מעלאדיע; א ליעד; דערצעהלען ראמאנסען אדער איבערטריבענע געשיכטען, זאגען ליגען; זיין ראמאנטיש; פאנטאזירען, בויען לופט־שלעסער.

Romance' lan'guage (רא-מענס' לענ'-גהווערזש) א ראמאנישע שפּראך [א שפּראך וואס שטאמט פון דער רוימישער אדער לאטיינישער שפּראך, ווי פראנצויזיש, איטאליעניש, שפּאניש אדער פּארטוגעזיש].

roman'cer *n.* (רא-מענ'-סער) א ראמאנסען־שרייבער; איינער וואס דערצעהלט פאנטאסטישע געשיכטען.

roman'cist *n.* (רא-מענ'-סיסט) ז. ***romancer***.

Ro'man em'pire (ראו'-מען עמ'-פּאיר) די אלט־רוימישע אימפּעריע.

Romanesque' *a.* (ראו-מע-נעסק') וואס איז שייך צו ראמאנעסק אדער די ענטארטעטע [פערדארבענע] רוימישע בוי־קונסט פון מיטעלאלטער; וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפּראכען, ווי פראנצויזיש, איטאליעניש א. ד. ג.

Romanesque' ar'chitecture (ראו-מע-נעסק' אר'-קי-טעק-טשור) ראמאנעסק, א סטיל אין מיטעלאלטערליכער ארכיטעקטור, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט מאסיווע געביידען און רונדע ארקען אדער בויגענס.

Romanesque Architecture

Roman'ic *a.* (רא-מענ'-איק) ראמאניש, וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפּראכען [ווי איטאליעניש, שפּאניש, פראנצויזיש א. ז. וו.]; וואס נעהמט זיך פון דעם רוימישען אלפאבעט [*a-b-c*].

Romanisa'tion *n.* (ראו-מענ-אי-זיי'-שאן) ז. ***Romanization***.

Ro'manise *v.* (ראו'-מענ-איז) ז. ***Romanize***.

Ro'manism *n.* (ראו'-מענ-איזם) די פּרינציפּען פון דעם רוימיש־קאטוילישען גלויבען; קאטוילִיציזם.

Ro'manist *n. and a.* (ראו'-מענ-איסט) אן אנהענגער פון דעם רוימיש־קאטוילישען גלויבען, א קאטוילִיק; קאטוילִיש.

Romaniza'tion *n.* (ראו-מענ-אי-זיי'-שאן) דאס ראמאניזירען, דאס מאכען רוימיש.

Ro'manize *v.* (ראו'-מענ-איז) ראמאניזירען, לאטיניזירען, מאכען עהנליך צו לאטייניש, געבען א לאטיינישע פארם; מאכען קאטויליש, בעקעהרען צום רוימיש־קאטוילישען גלויבען.

ro'manize *v.* (ראו'-מענ-איז) שרייבען אדער דרוקען מיט רוימישער שריפט.

Ro'man law (ראו'-מען לאה) דאס בירגער־רעכט, די סיסטעם פון יוריספּרודענץ, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען אין דער רוימישער אימפּעריע און ליעגט אלס פונדאמענט אין דעם בירגער־רעכט כמעט פון אלע מאדערנע אייראפּעאישע פעלקער.

ro'man let'ters (ראו'-מען לעט'-ערז) רוימישע שריפט [אין דרוקעריי].

Ro'man nose (ראו'-מען נאוז) א רוימישע נאז, אן אויסגעבויגענע אדלער־נאז.

Ro'mano-Byz'antine *a.* (ראו'-מענ-או-ביז'-ענ-טין) ראמאניש־ביזאנטיש; וואס איז שייך צו א מיטעלאלטערליכען סטיל אין ארכיטעקטור, וואו עס זיינען געמישט ראמאנישע עלעמענטען, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר מערב אייראפּא, מיט ביזאנטישע, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר מזרח־אייראפּא.

Ro'man or'der (ראו'-מען אהר'-דער) אין ארכיטעקטור — די רוימישע זיילען [אזא סטיל אין געבוי פון געוויסע זיילען].

Ro'man string (ראו'-מען סטרינג) אן איטאליענישע סטרונע [א זעהר גוטער מין סטרונעס פאר פידלען און אנדערע עהנליכע אינסטרומענטען].

roman'tic *a. and n.* (רא-מענ'-טיק) ראמאנטיש, וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א ראמאנס אדער אידעאלער פארשטעלונג פון עפּעס; וואס האט צו טהאן מיט עפּעס העלדישעס, וואונדערליכעס, איבערנאטירליכעס; כימעריש, פאנטאסטיש; מיט אן איבערטריבענעם ענטוזיאזם; וואס איז שייך צו די ראמאנסען אדער מיטעלאלטערליכער ליטעראטור; פּאבעלהאפט, אונמעגליך, אויסגעטראכט; אין מוזיק — סענטימענטאל, ליידענשאפטליך, פאנטאסטיש; א ראמאנטיקער, אן אנהענגער פון דער ראמאנטישער שול. ז. ***romantic school***.

roman'tical *a.* (רא-מענ'-טי-קעל) ראמאנטיש. ז. ***romantic***.

roman'tically *adv.* (רא-מענ'-טי-קעל-אי) אויף א ראמאנטישען שטייגער. ז. ***romantic***.

roman'ticism *n.* (רא-מענ'-טי-סיזם) דאס זיין ראמאנטיש. ז. ***romantic***.

roman'ticist *n.* (רא-מענ'-טי-סיסט) א ראמאנטיקער. ז. ***romantic***.

roman'ticness *n.* (רא-מענ'-טיק-נעס) ראמאנטישקייט, דאס זיין ראמאנטיש. ז. ***romantic***.

roman'tic school (רא-מענ'-טיק סקוהל) די ראמאנטישע שול [די שול פון פּאעזיע און קונסט בכלל אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז ארויסגעטראטען געגען די פערגליווערטע כללים פון דעם ביזהער־הערשענדען פּסייִדא־קלאסיציזם און האט אריינגעטראגען אין דער ליטעראטור און קונסט די עלעמענטען פון עטוואס פאנטאסטישעס און אויסערגעוועהנליכעס].

Ro'man vit'riol (ראו'-מען וויט'-רי-אל) קופּער־וויטריאל, בלויער וויטריאל [בלויע קריסטאלען וואס בעקומען זיך פון פאנאנדערלאזען קופּער אין שוועבעלזויערע. ווערט געברויכט אין גאלוואנאפּלאסטיק, אין פארבען א. ז. וו.].

Rom'any *n. and a.* (ראמ'-ע-ני) א ציגיינער; ציגיינער־שפּראך; וואס איז שייך צו די ציגיינער, ציגיינעריש.

roman'za *n.* (רא-מענ'-זא) א ראמאנזע, א ראמאנס [א קליין ליעבעס־ליעד, וואס ווערט געזונגען פון איין פּערזאן אפט מיט דעם אקאמפּאנימענט פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

rombow'line *n.* (ראמ-באו'-לין) אלטע אבגענוצטע שטריק און זעגלען פון א שיף.

Ro'mish *a.* (ראו'-מיש) רוימיש, פּאפּסטליך, קאטויליש.

Rom'many *n. and a.* (ראמ'-ע-ני) ז. ***Romany***.

romp *n. and v.* (ראמפּ) א גראבעס שפּיעל; א שטיפעריי; א ווילד, צולאזען מיידעל; שטיפען.

rom'ping *n.* (ראמ'-פּינג) דאס שטיפען, דאס קונדס'עווען.

rom'pish *a.* (ראמ'-פּיש) ווילד, שטיפעריש; צולאזען.

rom'pishly *adv.* (ראמ'-פּיש-לי) אויף א ווילדען, צולאזענעם אדער שטיפערישען שטייגער.

rom'pishness *n.* (ראמ'-פּיש-נעס) צולאזענקייט, ווילדקייט.

ronde *n.* (ראנד) רונד־שריפט.

This type is Ronde

ron'deau *n.* (ראנ'-דאו) א ראנדא [אן ארט לירישעס געדיכט וואס בעשטעהט פון 13 שורות און די 9טע מיט דער 13טער חזר'ען איבער די ווערטער פון דער ערשטער שורה]; א מוזיקאלישעס שטיק, אין וועלכען די הויפּט טעמא ווערט אויף פערשיעדענע אופנים איבערגע'חזר'ט.

ron'del *n.* (ראנ'-דעל) דאס ראנדעל [אן ארט לירישעס געדיכט פון 13 שורות, וואס איז אין איינִיגע פּרטים געבויט ווי א ראנדא]. ז. ***rondeau***.

rondelle' *n.* (ראנ-דעל') א רונדע זאך; אין מיליטער — דאס ראנדעל [א רונדע פערשאנצונג ארום א פעסטונג].

ron'do *n.* (ראנ'-דאו) אזא קארטען־שפּיעל; א ראנדא [ז. ***rondeau***].

rood *n.* (רוהד) א קרוציפיקס, א קרייץ, א צלם; א לענגען־מאס פון 16⅓ פוס; א לאנד־מאס פון א פיערטעל אקער [1200 קוואדראט יארד].

rood'-loft *n.* (רוהד'-לאהפט) די גאלעריע אין א קירך וואו עס שטעהט דער קרייץ אדער קרוציפיקס. ז. ***crucifix***.

rood'-spire *n.* (רוהד'-ספּאיר) ז. ***rood-steeple***.

rood'-stee'ple *n.* (רוהד'-סטיע'פּל) א קרייץ־טורם [א טורם וואס איז געבויט איבער דעם ארויפגאנג צום אלטאר אין א קירך].

rood'-tow'er *n.* (רוהד'-טאו'-ער) ז. ***rood-steeple***.

roof *n. and v.* (רוהף) א דאך; א געוועלב; א דעק; א הויז; דער גומען; בעדעקען מיט א דאך; בעדעקען; איינשליסען אין א הויז; בעשיצען.

roof'age *n.* (רוהפ'-ערזש) דאס מאטעריאל פון וואס מען מאכט דעכער.

roof'er *n.* (רוהפ'-ער) א דאך־דעקער; איינער וואס פערריכט דעכער.

roof'-gar'den *n.* (רוהפ'-גאר'דן) א דאך־גארטען [א קינסטליכער גארטען אויף א דאך פון א געביידע]; אן אפּענער אונטערהאלטונגס־פּלאץ [ווי א טעאטער א. ד. ג.] אויף דעם דאך פון א געביידע.

roof'ing *n.* (רוהפ'-אינג) דאס בעדעקען מיט א דאך; דאס מאטעריאל מיט וואס מען דעקט א דאך; א דאך; א שוץ.

roof'ing-felt *n.* (רוהפ'-אינג-פעלט) דאך-פילץ [אזא מאטעריאל וואס ווערט געמאכט פון האר-אבפאל און אנדערע מאטעריאלען געמישט מיט טער און פאבריצירט אין פלאטען צו בעדעקען דעכער].

roof'ing-pa'per *n.* (רוהפ'-אינג-פיי'-פער) דאך-פאפ [אזא דיק פאפיער געשמיערט מיט טער צו דעקען דעכער].

roof'less *a.* (רוהפ'-לעס) אהן א דאך; דאכלאז; אהן א היים; אהן אן אבדאך, אונבעשיצט.

roof'let *n.* (רוהפ'-לעט) א דעכעל.

roof'-like *a.* (רוהפ'-לאיק) עהנליך צו א דאך.

roof of the mouth (רוהף אוו טהי מאוטה) דער גומען.

rooft *a.* (רוהפט) בעדעקט מיט א דאך.

roof'-tree *n.* (רוהפ'-טריע) דער באלקען וואס איז אויף דעם שארף אדער שפיץ פון דאך; א דאך.

roof'-truss *n.* (רוהפ'-טראס) דאס ראהמען-ווערק פון א דאך.

roof'y *a.* (רוהפ'-אי) וואס האט א דאך, בעדעקט מיט א דאך.

rook *n. and v.* (רוק) א ראק אדער טהורם אין שאך-שפיעל; א שווינדלער, א בעטריגער; די זאט-קראהע [אזא שווארצע קליינע קראהע]; בעשווינדלען, בעטריגען.

rook'er *n.* (רוק'-ער) אזא קאטשערע וואס בעקערס בענוצען ארויסצושארען אש פון אויוועז; א שווינדלער, א בעטריגער.

rook'ery *n.* (רוק'-ער-אי) א נעסט פון זאט-קראהעס; א פעררופענעם הויז אדער א פעררופענעם ארט [אן ארט פון גנבים, אויסוואורפען א. ד. ג.]; א חורבה, וואו גנבים בעהאלטען זיך; א נעסט פון פויגלען אדער חיות; א הייזער-קווארטאל וואס איז בעוואהנט פון די נידריגע קלאסען פון דער בעפעלקערונג.

rook'y *a.* (רוק'-אי) פול מיט קראהעס אדער ווארענעס; נעבעלדיג, טומאנע.

room *n. and v.* (רוהם) 1. רוים, ארט, פלאץ; 2. א צימער, א קאמער; 3. א געלעגענהייט, אן אורזאך; 4. א טונקעלבלויע פארב, וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסער פלאנצע; 5. וואהנען, פערנעהמען א צימער.

1. There was no **room** to pass. 3. There is no **room** for doubt about the story.

room'age *n.* (רוהמ'-עדזש) רוים, פלאץ.

roomed *a.* (רוהמד) צימערדיג, געטיילט אין צימערען.

He bought a ten-**roomed** house.

room'er *n.* (רוהמ'-ער) א קווארטיראנט, איינער וואס דינגט ביי אימעצען א צימער.

room'ful *n. and a.* (רוהמ'-פול) א פולע שטוב; געראם; מיט א סך צימערען.

room'ily *adv.* (רוהמ'-אי-לי) געראם.

room'iness *n.* (רוהמ'-אי-נעס) געראמקייט.

room'less *a.* (רוהמ'-לעס) אהן צימערען; ענג, וואס האט ווייניג פלאץ.

room'-mate *n.* (רוהמ'-מייט) א מיט-קווארטיראנט, איינער מיט וועמען מען וואהנט צוזאמען אין איין צימער.

room'-pa'per *n.* (רוהמ'-פיי'-פער) טאפעטען, אביטשעס, שפאליער.

room'-rid'den *a.* (רוהמ'-ריד'ן) צוגעשמיעדט צו דער היים, געבונדען צום הויז.

room'stead *n.* (רוהמ'-סטעד) א לאזשי, א קווארטיר.

room'y *a.* (רוהמ'-אי) געראם, געראמיג; גרוים.

roop *v. and n.* (רוהפ) שרייען אויף'ן קול; מאכען א גרויסען גערויש; א געשריי; הייזעריגקייט.

roo'py *a.* (רוה'-פי) הייזעריג.

roor'back *n.* (רוהר'-בעק) אן אויסגעטראכטע מעשה וואס מען דרוקט אין א צייטונג צוליעב פאליטישע צוועקען און וועלכע ווייזט זיך ארויס פאלש און האט אן אומגעקעהרטע ווירקונג; א פאליטישער ליגען.

roost *n. and v.* (רוהסט) א היהנער-שטאנג, א לאקטע, א סיעדעלע; עופות וואס זיצען אויף א סיעדעלע; א צייטווייליגער רוה-ארט; זיצען אויף א סיעדעלע; זיך האלטען אויף אן אברוה-פלאץ; אוועקזעצען אויף א סיעדעלע.

roost'-cock *n.* (רוהסט'-קאק) ז. *rooster*.

roos'ter *n.* (רוהס'-טער) א האהן.

root *n. and v.* (רוהט) א ווארצעל; עטוואס וואס איז עהנליך צו א ווארצעל; דער אורשפרונג, די ערשטע אורזאכע, דער גרונד; דער עיקר; דער באדען, דער פונדאמענט; דער שטאם; דאס שטאם-ווארט, די שטאם-זילבע [דער ווארצעל פון א ווארט פון וועלכען עס שטאמט ארויס, ווי צ. ב. דער ווארצעל פון ווארט "פרייהייט" איז דאס ווארט "פריי"]; אין מאטעמאטיק — די ווארצעל-צאהל [די צאהל וואס ווען זי' ווערט גע'כפל'ט אויף זיך אליין גיט זי די אנגעגעבענע צאהל. צ. ב. 5 איז א ווארצעל-צאהל פון 25 אדער 2 איז א ווארצעל-צאהל פון 8, ווייל ווען מען כפל'ט די צאהל 2 דריי מאל בעקומט זיך 8]; דער סך-הכל, די טאטאלע סומע; זיך איינווארצלען; זיך בעפעסטיגען; ארויסלאזען ווארצלען; איינווארצלען; טיעף איינפלאנצען; בעפעסטיגען; גראבען מיט'ן שנוק ווי א חזיר; צושטערען, אויסראטען, פערטיליגען.

roo'tage *n.* (רוה'-טעדזש) פערניכטונג, פערטיליגונג, צושטערונג.

root and branch (רוהט ענד ברענטש) האק און פאק.

root and branch refor'mer (רוהט ענד ברענטש רי-פאהר'-מער) אן אולטרא-ראדיקאל [א זעהר ראדיקאלער].

root'-beer *n.* (רוהט'-ביער) ווארצעל-ביער [אזא ביער וואס ענטהאלט דעם זאפט פון געוויסע פלאנצען-ווארצלען].

root'-bor'er *n.* (רוהט'-באור'-ער) אן אינזעקט וואס צופרעסט די ווארצלען פון פלאנצען.

root'-bound *a.* (רוהט'-באונד) פעסט איינגעווארצעלט; ווי איינגעוואקסען.

root'-brea'ker *n.* (רוהט'-בריי'-קער) א מאשין צום צוהאקען קארטאפעל, ריבען, קרוטשקע א. ד. ג. אלס פוטער פאר בהמות.

roo'ted *a.* (רוה'-טעד) איינגעווארצעלט; וואס האט א ווארצעל.

roo'tedly *adv.* (רוה'-טעד-לי) טיעף, פון גרונד אויס, פון הארצען.

roo'tedness *n.* (רוה'-טעד-נעס) איינגעווארצעלטקייט.

roo'ter *n.* (רוה'-טער) אן איינגעווארצעלטער; אן אויסווארצלער, אן אויסראטער.

root'fast *a.* (רוהט'-פעסט) פעסט איינגעווארצעלט.

root'-fi'bril *n.* (רוהט'-פאי'-בריל) א קליין ווארצעלע, א קליין ווארצעל-צווייגעל.

root'-for'ceps *n.* (רוהט'-פאהר'-סעפס) די צוואנגען וואס א דענטיסט בענוצט צום ארויסציהען צייהנער-ווארצלען.

root'-hair *n.* (רוהט'-העהר) א קליין דין ווארצעל-צווייגעלע.

root'-house *n.* (רוהט'-האוס) א הויז געבויט פון ווארצלען; א הויז אבצולעגען אויף ווינטער ווארצעל-פלאנצען [ווי קארטאפעל, ריבען, בוריקעס א. ד. ג.].

roo'ting *a. and n.* (רוה'-טינג) איינווארצלענדיג זיך; אויסראטענד; דאס איינווארצלען זיך; אויסראטונג.

root'-leaf *n.* (רוהט'-ליעף) א ווארצעל-בלאט [א בלאט וואס וואקסט ארוים פון ווארצעל אדער נאהנט צו איהם].

root'less *a.* (רוהט'-לעס) אהן ווארצלען; וואס קען זיך ניט האלטען, גרונדלאז, ניט בעפעסטיגט.

root'let *n.* (רוהט'-לעט) א ווארצעלע.

root of the mat'ter (רוהט אוו טהי מעט'-ער) דער עיקר פון דער זאך.

root out (רוהט אוט) אויסווארצלען, אויסרייסען מיט'ן ווארצעל, אויסראטען.

root'-par'asite *n.* (רוהט'-פער'-ע-סאיט) א ווארצעל-פאראזיט [א פלאנצע וואס וואקסט אויף דעם ווארצעל פון אן אנדער פלאנצע].

root'stock *n.* (רוהט'-סטאק) דער ווארצעל אדער גרונד פון עפעס, דער עיקר; א ווארצעל.

root up (רוהט אפ) ז. *root out*.

roo'ty *a.* (רוה'-טי) ווארצעלדיג.

ropal'ic *a.* (רא-פעל'-איק) ז. *rhopalic*.

rope *n. and v.* (ראופ) א שטריק; א שנור; זיין אויסגעצויגען ווי א פאדים אדער ווי א שטריק; ארומציהען מיט א שטריק; ציהען ווי מיט א שטריק; צונויפבינדען מיט א שטריק; בעפעסטיגען מיט א שטריק; איינהאלטען, איינציהען [ווי א רייטער זיין פערד]; פאנגען מיט א שלייף-שטריק אדער שלינגע [לאסא].

rope'bark *n.* (ראופ'-בארק) לעדער-האלץ [אזא מין אמעריקאנער פלאנצע].

rope bridge (ראופ ברידזש) א בריק וואס הענגט אויף שטריק.

rope'-clamp *n.* (ראופ'-קלעמפ) א שטריק-קלאמער [אזא קלאמער מיט א רינג אדער האקען וואס ווערט בעפעסטיגט צו דעם ענד פון א שטריק; א קלאמער צום פערהאלטען א בעוועגליכען שטריק].

rope'-clutch *n.* (ראופ'-קלאטש) אזא פארריכטונג איינצוקלעמען דעם ענד פון א שטריק.

rope'-cord *n.* (ראופ'-קאהרד) א דיקער פאזמאנטער שנור.

rope'-dan'cer *n.* (ראופ'-דענ'-סער) א שטריק-טענצער.

rope'-dan'cing *n.* (ראופ'-דענ'-סינג) דאס טאנצען אדער געהן אויף א שטריק.

rope'-end *v.* (ראופ'-ענד) ז. *rope's-end*.

rope'-house *n.* (ראופ'-האוס) א פלאץ צום אויסדאמפען זאלץ.

rope in (ראופ אין) ארייננשלעפען, ארייננציהען [אין אן אונטערנעהמונג, אין א געזעלשאפט א. ד. ג.].

I was **roped in** for this party before I realized it.

rope lad'der (ראופ לעד'-ער) א שטריק-לייטער [א לייטער געמאכט פון שטריק].

rope'-machine' *n.* (ראופ'-מע-שין') א מאשין צו דרעהען שטריק.

rope'-ma'ker *n.* (ראופ'-מיי'-קער) א שטריק-מאכער.

rope'-ma'king *n.* (ראופ'-מיי'-קינג) שטריק-פאבריקאציאן.

rope of sand (ראופ אוו סענד) א שוואכע פערבינדונג [ווי א שטריק פון זאמד].

rope′-pull *n.* (ראופ′-פול) ז. *tug of war*

rope′-pump *n.* (ראופ′-פאמפ) א שטריק-פומפ [אזא וואסער-פומפ, וועלכע ארבייט דורך אן ענדלאזען שטריק וואס איז געצויגען אויף א ראלע].

ro′per *n.* (ראו′-פער) א שטריק-מאכער; איינער וואס פערבינדט געפעק מיט שטריק; א פערפיהרער; א שווינדלער; איינער וואס פערדיענט א שטריק [געהאנגען צו ווערען]; איינער וואס ווארפט א לאסא [א שלינגע, א שלייף-שטריק צו פאנגען ווילדע פערד, אקסען א. ד. ג.].

rope′-rail′way *n.* (ראופ′-רייל′-הוויי) א זייל-באהן, א שטריק-באהן [א באהן וואו די וואגאנען ווערען געצויגען מיט שטריק, ווי ביי בערג-באהנען א. ד. ג.].

rope′-ripe *a.* (ראופ′-ראיפ) רייף פאר דער תליה, וואס פערדיענט געהאנגען צו ווערען.

ro′pery *n.* (ראו′-פער-אי) א פלאץ וואו שטריק ווערען געמאכט.

rope′s end (ראופס ענד) א שטיקעל שטריק; דער ענד פון א שטריק [צום שמייסען].

rope′s′-end *v.* (ראופס′-ענד) שמייסען מיט א שטריק.

rope′-shaped *a.* (ראופ′-שייפט) וואס האט די פארם פון א שטריק.

rope′-sock′et *n.* (ראופ′-סאק′-עט) ז. *rope-clamp*

rope′-spin′ner *n.* (ראופ′-ספינ′-ער) א שטריק-דרעהער, א שטריק-מאכער.

rope′-spin′ning *n.* (ראופ′-ספינ′-אינג) שטריק-דרעהעריי; דאס דרעהען שטריק.

rope′-stitch *n.* (ראופ′-סטיטש) א שטריק-שטאך [אזא ארט אויסנעהען וואו די שטעך ווערען אזוי געמאכט דאס עס זאל האבען דעם אויסזעהן פון א שטריק].

rope′-trick *n.* (ראופ′-טריק) א פאקוס אדער קונץ וואס ווערט געמאכט מיט א שטריק.

rope′walk *n.* (ראופ′-הוואהק) א שטריק-פאבריק.

rope′-wal′ker *n.* (ראופ′-הוואה′-קער) ז. *rope-dancer*

rope′way *n.* (ראופ′-הוויי) ז. *rope-railway*

rope′-work *n.* (ראופ′-הוואירק) דעקא-ראציאנס-ארבייט וואס איז געמאכט אין דער פארם פון שטריק.

rope′-yarn *n.* (ראופ′-יארן) קאבעל-גארן [באוועל צונויפגעדרעהט פון מעהרערע פעדים].

ro′pily *adv.* (ראו′-פי-לי) אויף דעם אופן פון א שטריק, אזוי אז עס זאל קענען אויסגעצויגען ווערען ווי א שטריק אדער ווי א פאדים; ציהעדיג, קלעפיג.

ro′piness *n.* (ראו′-פי-נעס) דאס קענען ווערען אויסגעצויגען ווי א שטריק אדער ווי א פאדים; ציהעדיגקייט, קלעפיגקייט.

ro′py *a.* (ראו′-פי) אזוי ווי א שטריק וואס קען אויסגעצויגען ווערען אין א פאדים [אזוי ווי א קלעפיגער און זיך ציהענדער שטאף]; וואס ציהט זיך אין פעדים; קלעפיג, ציהיג.

roqu′elaure *n.* (ראק′-ע-לאור) אזא מין קורצע פעלערינע וואס מען פלעגט טראגען אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט.

roqu′elo *n.* (ראק′ ע-לאו) ז. *roquelaure*

roquet′ *v. and n.* (רא-קיי′) אין קראקעט-שפיעל — א קלאפ טהאן אין באל, אז ער זאל אנטרעפען דעם באל פון דעם צווייטען שפיעלער; א קלאפ אין באל דורך וועלכען ער ווערט געטריבען צו דעם באל פון צווייטען שפיעלער און קלאפט איהם אן.

ro′ral *a.* (ראו′-רעל) פול מיט טוי, בעדעקט מיט טוי.

rore *n.* (ראור) טוי.

ro′ric *a.* (ראו′-ריק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו טוי; טויאיג.

ro′rid *a.* (ראו′-ריד) ז. *roral*

rorif′erous *a.* (רא-ריפ′-ע-ראס) וואס ברענגט טוי.

rorif′luent *a.* (רא-ריפ′-לו-ענט) וואס טריפט מיט טוי.

ror′qual *n.* (ראהר′-קהוועל) דער ראר-קוואל [אזא וואלפיש מיט א זעהר גרויסען מויל און מיט א פלוס-פעדער אויף'ן רוקען].

ro′rulent *a.* (ראו′-רו-לענט) שטויביג, בעדעקט מיט שטויב וואס קען אבגעווישט ווערען [וועגען אינזעקטען].

Rosa′ceæ *n.* (רא-זיי′-סי-אי) רויזען-ארטיגע פלאנצען.

rosa′ceous *a.* (רא-זיי′-שיאס) רויזען-ארטיג, אזוי ווי רויזען; פון רויזען-קאליר.

rosa′ria *n.* (רא-זיי′-רי-א) רויזען-גערטנער. ז. *rosarium*

rosa′rian *n.* (רא-זיי′-רי-ען) א רויזען-פלאנצער, איינער וואס קולטיווירט רויזען.

rosa′rium *n.* (רא-זיי′-רי-אם) א רויזען-גארטען.

ro′sary *n.* (ראו′-זע-רי) דאס ראזען-קראנץ [א שנירעל פאטשערקעס וואס ווערט געברויכט ביי קאטוילי קען צו צעהלען די תפילות און דאס בוקען זיך אין קירך]; די צאהל פון תפילות וואס ווערען געצעהלט מיט די פאטשערקעס; א גירלאנדע פון רויזען; א זאמלונג פון אויסגעקליבענע ליטעראראישע ווערק; א גארטען אדער בייט פון רויזען.

Roscicru′cian *n. and a.* (ראו-זי-קרוה′-שי-ען) ז. *Rosicrucian*

ros′cid *a.* (ראס′-איד) פון טוי, וואס ענטהאלט טוי.

rose *n., a. and v.* (ראוז) א רויז; א רויזען-קוסט אדער בוש; רויזען-קאליר; א ראזעטקע [אזא באנד-שלייפעל אין דער פארם פון א רויז]; אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אין דער פארם פון א רויז; פולע בליהונג, א פרישע רויטקייט; די ראזעטע [א געוויסע פארם פון געשליפענע דימענטען]; פון א רויזען-קאליר; וואס איז אין פולער בליהונג; מאכען ראזעווע, צוגעבען א פרישע רויטקייט; מאכען שמעקען ווי א רויז.

Rose

rose (ראוז) אויפגעגאנגען; אויפגעשטאנען, אויפגעשטיגען. ז. *rise*

rose′-aca′cia *n.* (ראוז′-ע-קיי′-שיא) די רויט-בליהענדע אקאציע [א מין קוסט אדער קליין בוימעל מיט גרויסע רויטע בלומען].

ro′seal *a.* (ראו′-זי-על) ווי א רויז; פון א רויזען-קאליר.

rose′-ap′ple *n.* (ראוז′-עפ′ל) דער יאמבוס-בוים [א בוים וואס וואקסט אין די טראפישע לענדער, בעזונדערס אין צענטראל-אמעריקא, מיט זעהר שעהנע בלעטער און בלומען].

ro′seate *a.* (ראו′-זי-אייט) פול מיט רויזען; פון א רויזען-קאליר.

ro′seate tern (ראו′-זי-אייט טוירן) די פאראדיז-שוואלב [א קליין שוואלב-עהנליך פויגעלע מיט פיעלפארביגע קאלירען].

rose′-bay *n.* (ראוז′-ביי) דער רויזען-לארבער, דער אלעאנדער [א גרויסער קוסט מיט שמאלע לענגליכע בלעטער און גרויסע רויטע אדער ווייסע בלומען].

rose′-bee′tle *n.* (ראוז′-ביע′טל) דער רויזען-זשוק [א מין זשוק וואס געפינט זיך צווישען רויזען און שאדעט זיי].

rose′-breas′ted gros′beak (ראוז′-ברעס′-טעד גראוס′-ביעק) דער דיק-שנאבלער [א קליינער און זעהר שעהנער אמעריקאנער זינג-פויגעל]. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

rose′bud *n.* (ראוז′-באד) די קנאספע פון א רויז; א יונג מיידעל אין איהר ערשטער בליהונגס-צייט.

rose′-bug *n.* (ראוז′-באג) ז. *rose-beetle*

rose′-bur′ner *n.* (ראוז′-בויר′-נער) א גאז-ברענער, וואס ברענט אזוי אז די פלאמען בילדען עטוואס עהנליכעס צו א בלום.

rose′-bush *n.* (ראוז′-בוש) א רויזען-קוסט [א קוסט אויף וועלכען עס וואקסען רויזען].

rose′-cam′pion *n.* (ראוז′-קעמ′-פי-אן) די פעקסיער-נעלקע [אזא מין גארטען-בלום].

rose′-cha′fer *n.* (ראוז′-טשיי′-פער) ז. *rose-beetle*

rose′-cheeked *a.* (ראוז′-טשיעקט) מיט רויטע באקען.

rose′-cold *n.* (ראוז′-קאולד) א מין קאטאר צוזאמען מיט אן ענטצינדונג וואס קומט פון בליטהען-שטויב אין אנפאנג זומער. ז. *hay-fever*

rose′-col′or *n.* (ראוז′-קאל′-אר) רויזען-פארב; שעהנקייט, אנגענעהמליכקייט.

rose′-col′ored *a.* (ראוז′-קאל′-ארד) רויזען-פארביג; אויסערגעוועהנליך שעהן.

rose′-cross *n.* (ראוז′-קראהס) א רויזען-צלם, דער סימבאל פון די ראזענקרייצער [א סעקטע פון 17טען יאהרהונדערט]. ז. *Rosicrucian*

Rose′-Cross *n. and a.* (ראוז′-קראהס) ז. *Rosicrucian*

rose′-cut *a.* (ראוז′-קאט) געשליפען אין דער פארם פון א ראזעטע [וועגען דימענטען].

rose′-drop *n.* (ראוז′-דראפ) א פלעצעל אדער קוכען מיט א רויזען-גערוך; אן אויער-רינגעל; א פרישטש אדער רויטע פלעקען אויף דער נאז פון צופיעל שכור'ען.

rose′-fe′ver *n.* (ראוז′-פיע′-ווער) ז. *rose-cold*

rose′-fish *n.* (ראוז′-פיש) דער דארש [אזא מין רויטער פיש, וועלכער געפינט זיך ארום די נארד-ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן].

rose′-fly *n.* (ראוז′-פלאי) ז. *rose-beetle*

rose′-gall *n.* (ראוז′-גאהל) דער רויזען-שוואם [א מין אנוואוקס אויף רויזען-בלומען].

rose′-house *n.* (ראוז′-האוס) א רויזען-אראנזשערעע.

rose′-hued *a.* (ראוז′-היוד) רויזען-פארביג.

rose′-knot *n.* (ראוז′-נאט) א ראזעטקע

אדער א שלייף פון א באנד אין דער פארם פון א רויז.

rose'-leaf *n.* (ראוז'-ליעף) א רויזען־בלאט.

rose'-mal'low *n.* (ראוז'-מעל'-או) די שטאק־רויז [א מין גראז־ארטיגע פלאנצע פון די ווארימע לענדער מיט רויטע און ווייסע בלומען].

rose'mary *n.* (ראוז'-מע-רי) ראזמארין [א מין אייביג־גרינע קוסט־ארטיגע פלאנצע פון דרום־אייראפא מיט גרויליכע בלעטער און טונקעל־בלויע בלומען. ווערט געברויכט אין מעדיציין].

Rosemary

rose'-no'ble *n.* (ראוז'-נאו'-בל) דער רויזענאבל [א פארצייטיגע ענגלישע מטבע].

rose of Jer'icho (ראוז אוו דזשער'-אי-קאו) די יריחו־רויז [אזא קליינע פלאנצע מיט ווייסע בליהונגען, וואס וואקסט אין די מדבריות פון עגיפטען, סיריען און פאלעסטינא. ווען זי איז טרוקען, ווערט זי צונויפגעצויגען; ווען מען בעשפריינקעלט זי מיט וואסער, לאזט זי זיך ווידער פאנאנדער].

rose'-oil *n.* (ראוז'-איל) רויזען־אויל.

rose'ola *n.* (רא-זי'-א-לא) אין מעדיצין — ראזעאלא, א מין רויטליכער הויט־אויסשלאג, וואס קומט אפט פאר ביי פיבער־קראנקהייטען.

rose'olar *a.* (רא-זי'-א-לאר) וואס איז שייך צו ראזעאלא. ז. *roseola*.

rose'-pink *n. and a.* (ראוז'-פינק) העל־ראזעווע פארב; העל־ראזעווע. ז. איל. *"Colors"*

rose'-quartz *n.* (ראוז'-קהווארטס) א מין דורכזיכטיגער קווארץ [אזא מינעראל] פון א העל־ראזעווען אדער טונקעל־ראזעווען קאליר.

rose'-rash *n.* (ראוז'-רעש) ז. *roseola*.

rose'-red *a. and n.* (ראוז'-רעד) רויזען־רויט; א העל־רויטער קאליר.

rose'root *n.* (ראוז'-רוהט) דער רויזען־ווארצעל [א מין הויכעם גראז מיט געלבע אדער רויטליכע בליטהען, וואס וואקסט אין פעלזען־שפאלטען].

ro'sery *n.* (ראו'-זער-אי) אן ארט וואו רויזען וואקסען.

ro'set *n.* (ראו'-זעט) א רויטע פארב [פאר מאלער].

rose'ta *n.* (רא-זי'-טא) רויזען־גערטנער. ז. *rosetum*.

rose'-tree *n.* (ראוז'-טריע) א רויזען־בוימעל, א רויזען־קוסט.

rosette' *n.* (רא-זעט') א ראזעטקע, אן ארנאמענט אויף א געביידע אדער א באנדשלייפעל אין דער פארם פון א רויז; עפעס וואס איז עהנליך צו א רויז אין איהר פולער בליהונג; א מין קראנקהייט פון פערסיק־בוימער.

roset'ted *a.* (רא-זעט'-עד) בעפוצט מיט א ראזעטקע. ז. *rosette*.

rose'tum *n.* (רא-זי'-טאם) א רויזען־גארטען, א פלאץ צום קולטיווירען רויזען.

rose-vin'egar *n.* (ראוז'-ווינ'-אי-גאר) רויזען־עסיג [עסיג מיט געווייקטע רויזען־בלעטלעך. ווערט געברויכט אלס מיטעל געגען קאפ־וועהטאג און צו פערטרייבען א שלעכטען גערוך].

rose'-wa'ter *n. and a.* (ראוז'-הוואה'-טער) רויזען־וואסער [וואסער צוגעריכט מיט רויזען־אויל]; וואס שמעקט ווי רויזען־וואסער; אנגענעהם, דעליקאט.

rose'-win'dow *n.* (ראוז'-הווינ'-דאו) א רונד פענסטער איינגעטיילט אין שויבען אזוי, דאס עס זעהט אויס ווי א רויז אדער ראזעטע.

Rose-window

rose'wood *n.* (ראוז'-הוואוד) רויזען־האלץ [דאס האלץ פון געוויסע בוימער וואס וואקסען אין בראזיליען].

rose'wort *n.* (ראוז'-הוואירט) ז. *roseroot*.

rose'-yard *n.* (ראוז'-יארד) א רויזען־גארטען.

Rosh Hasha'na (ראוש הע-שא'-נא) ראש השנה.

Rosicru'cian *n. and a.* (ראו-זי-קרוה'-שי-ען) א ראזענקרייצער [א מיטגליעד פון א געוויסער געהיימער געזעלשאפט אין דייטשלאנד פון 15טען יאהרהונדערט]; וואס איז שייך צו א ראזענקרייצער.

ro'sily *adv.* (ראו'-זי-לי) מיט דעם קאליר אדער גערוך פון א רויז.

ros'in *n. and v.* (ראז'-אין) סמאלע, פעך אדער גומי; קאלאפאניע [דער שטאף מיט וואס מען רייבט אן דעם סמיטשיק פון א פידעל]; אנרייבען מיט פעך אדער קאלאפאניע.

ros'ined *a.* (ראז'-אינד) בעדעקט אדער אנגעריבען מיט פעך אדער קאלאפאניע.

ro'siness *n.* (ראו'-זי-נעס) רויזען־פארביגקייט, דאס האבען דעם קאליר אדער גערוך פון א רויז.

ros'in-oil *n.* (ראז'-אינ-איל) הארץ־אויל [אויל וואס ווערט געצויגען פון דעם פעך־זאפט פון סאסנאווע אדער אנדערע עהנליכע בוימער].

ros'iny *a.* (ראז'-אינ-אי) פעכיג, גומידיג.

ros'marine *n. and a.* (ראז'-מע-רין) די ראזמערין, א וואלראס, א מארזש [אמאל פלעגט מען דיעזע חיה פארשטעלען ווי א משונה'דיגע בריאה, וועלכע ערנעהרט זיך מיט טוי]; וואס איז שייך צו א וואלראס. ז. *walrus*.

roso'lio *n.* (רא-זאו'-ליאו) אזא רויטער וויין פון מאלטא.

ross *n. and v.* (ראס) די אויסערע גראבע קארע פון א בוים; ארויסשניידען די גראבע קארע [פון א בוים].

ros'signol *n.* (ראס'-אי-ניאל) די נאכטיגאל.

ros'soli *n.* (ראס'-א-לי) ראסאלים [אזא מין איטאליענישער ליקער].

ros'tel *n.* (ראס'-טעל) ז. *rostellum*.

ros'tellate *a.* (ראס'-טע-לייט) געשנאבעלט; וואס האט א קליינעם שנאבעל־עהנליכען אנוואוקס; וואס האט א קליין ווארצעלע אדער שנאבעל אין די זאט [פון פלאנצען].

rostel'liform *a.* (ראס-טעל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ווארצעלע אין די זאט [פון א פלאנצע].

rostel'lum *n.* (ראס-טעל'-אם) א קליינע אנוואקסונג אדער שנאבעלע אויף דעם זאט פון א פלאנצע.

ros'ter *n.* (ראס'-טער) א רייסטער פון נעמען; אין מיליטער — א רייסטער וואו עס איז פערצייכענט וואו און ווען די פערשריעבענע סאלדאטען און אפיציערען דארפען קומען צום דיענסט אייגער נאך'ן אנדערען.

ros'tral *a.* (ראס'-טרעל) שנאבעל־ארטיג, ווי א שנאבעל.

ros'tral col'umn (ראס'-טרעל קאל'-אם) א זייל וואס ווערט געשטעלט אלס דענקמאל פון נצחון אויף'ן ים. די ארנאמענטען אויף אזא זייל שטעלען אפט מיט זיך פאר דעם שנאבעל אדער פאדערשטען שפיץ פון א שיף.

ros'trate *a.* (ראס'-טרייט) שנאבעלדיג, וואס האט א שנאבעל; אין באטאניק — וואס האט א שנאבעל־עהנליכע אנוואקסונג.

ros'trated *a.* (ראס'-טריי-טעד) ז. *rostrate*.

ros'triform *a.* (ראס'-טרי-פארם) שנאבעל־פערמיג, וואס האט די פארם פון א שנאבעל.

ros'trum *n.* (ראס'-טראם) א שנאבעל, א שנויץ; די נאז אדער שנאבעל פון א שיף; א רעדנער־בימה; אין אלטפרענקישע לאמפען — דער שנאבעל אין וועלכען עס ליעגט דאס קנויטעל.

ros'ula *n.* (ראז'-יו-לא) א קליינע רויז; א ראזעטקע.

ros'ular *a.* (ראז'-יו-לאר) ז. *rosulate*.

ros'ulate *a.* (ראז'-יו-לייט) אין באטאניק — ראזעטען־פערמיג; ביי וועלכער די בלעטער זיינען צונויפגעלעגט ווי א ראזעטקע [וועגען געוויסע פלאנצען].

ro'sy *a.* (ראו'-זי) רויזען־עהנליך; ראזעווע, רויט, בליהענד; וואס בעשטעהט פון רויזען.

ro'sy-col'ored *a.* (ראו'-זי-קאל'-ארד) מיט א ראזעווער פארב.

ro'sy-crowned *a.* (ראו'-זי-קראונד) ארומגעלעגט מיט א קראנץ פון רויזען.

ro'sy-tin'ted *a.* (ראו'-זי-טינ'-טעד) מיט א ראזעווער פארב.

rot *v. and n.* (ראט) פוילען; ווערען פערדארבען [מאראליש]; ווערען מאראליש עקעלדיג; ארויסרופען פוילונג, מאכען פוילען; קראנק ווערען אויף לונגען־פוילונג [וועגען שאף און אייניגע אנדערע חיות]; פעראורזאכען לונגען־פוילונג [ביי חיות]; פוילונג; פערפוילטער שטאף; לונגען־פוילונג [ביי שאף און אנדערע בהמות]; עטוואס וואס איז פערדארבען, שלעכט אדער עקעלדיג; אונזין; עטוואס וואס טויג ניט.

ro'ta *n.* (ראו'-טא) א ראד; א רונדונג; רוטינע, א בעשטימטער קורס, וועג, פארם א. ז. וו.; א רייסטער, א צעטעל, א ליסטע; א שטיק מוזיק מיט ווידערהאלונגען; א ראד־עהנליכע כלי; אזא מיטעלאלטערליכער מוזיקאלישער שטרייך־אינסטרומענט [מיט סטרונעס].

Ro'ta *n.* (ראו'-טא) א פאפסטליכער אפעלאציאנס־געריכט.

ro'tary *a.* (ראו'-טע-רי) וואס דרעהט זיך ארום ווי א ראד; וואס בייט זיך רעגעלמעסיג.

ro'tary machine' (ראו'-טע-רי מע-שין') ז. *rotary press*.

ro'tary mo'tion (ראו'-טע-רי מאו'-שאן) א דרעהענדע בעוועגונג, א קרייז־בעוועגונג.

ro'tary press (ראו'-טע-רי פרעס) א ראטאציאנס־מאשין, א ראטאציאנס־פרעס [א דרוק־פרעס, ביי וועלכער דער שריפט־זאץ לעגט זיך ארויף אויף א זיך־דרעהענדען צילינדער].

ro'tary steam'-en'gine (ראו'-טע-רי סטיעמ'-ענ'-דזשין) א ראטירענדע דאמפף־

מאשין [א דאמפף-מאשין, ביי וועלכער דער קאלבען דרעהט זיך אין צילינדער].

ro'tascope *n.* (ראו'-טע-סקאופ) א גיראסקאפ. ז. *gyroscope*.

ro'tatable *a.* (ראו'-טיי-טעבל) וואס קען זיך דרעהען ווי א ראד, וואס קען מאכען קרייז-בעוועגונגען.

ro'tatably *adv.* (ראו'-טיי-טע-בלי) זיך בעוועגענדיג אין א קרייז; אזוי אז עס זאל מאכען קרייז-בעוועגונגען [ווי א ראד].

ro'tate *v.* and *a.* (ראו'-טייט) זיך דרעהען, זיך דרעהען אין דער רונד [ווי א ראד], מאכען קרייז-בעוועגונגען; מאכען זיך דרעהען, ארויסרופען א קרייז-בעוועגונג; זיך ווידערהאלען אדער ענדערען פעריאדיש אדער אין א געוויסער ארדנונג; מאכען פעריאדישע ענדערונגען אדער ווידערהאלונגען; ראד-פערמיג.

ro'tated *a.* (ראו'-טיי-טעד) ראד-פערמיג.

ro'tating-ring *n.* (ראו'-טיי-טינג-רינג) א קופערנער אדער מעשענער רינג ארום א הארמאטען-קויל.

rota'tion *n.* (רא-טיי'-שאן) ראטאציאן, דרעהונג, אומדרעהונג, קרייז-בעוועגונג; רעגעלמעסיגע אבוועקסלונג אדער ווידערהאלונג.

rota'tional *a.* (רא-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קרייז-בעוועגונג; וואס בעשטעהט אדער קומט פון א קרייז-בעוועגונג.

rota'tion in of'fice (רא-טיי'-שאן אין אפ'-איס) רעגעלמעסיגע ענדערונג אדער אבוועקסלונג פון בעאמטע [הויפטזעכליך אין דער פאליטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דאס איבערגעבען שטאאטס-עמטער צו נייע מענשען, ווען עס בייט זיך די רעגיערענדע פארטיי, ניט רעכענענדיג זיך דערמיט, אויב דער פריהעריגער בעאמטער האט זיין אמט ערפילט גוט אדער שלעכט].

rota'tion of crops (רא-טיי'-שאן אוו קראפס) וועקסעל-ווירטשאפט [דאס פלאנצען אויף א פעלד יעדען יאהר אנדערע תבואות].

ro'tative *a.* (ראו'-טיי-טיוו) ארומדרעהענד, וואס דרעהט ארום, וואס פעראורזאכט א קרייז-בעוועגונג; וואס איז שייך צו א קרייז-בעוועגונג, וואס קומט פון א קרייז-בעוועגונג.

ro'tatively *adv.* (ראו'-טיי-טיוו-לי) אזוי אז עס זאל זיך דרעהען; זיך דרעהענדיג, מאכענדיג א קרייז-בעוועגונג.

rota'tor *n.* (רא-טיי'-טאר) אן אומדרעהער; איינער אדער עטוואס וואס דרעהט ארום; א מוסקול, וואס בעוועגט אין דער רונד א קערפער-גליעד.

rotato'rial *a.* (ראו-טיי-טאו'-רי-על) ז. *rotiferal*.

rotato'rian *n.* (ראו-טיי-טאו'-רי-ען) ז. *rotifer*.

ro'tatory *a.* (ראו'-טיי-טא-רי) זיך דרעהענד; אבוועקסלענד, וואס ווידערהאלט זיך אדער ענדערט זיך רעגעלמעסיג; וואס געהט נאך דער רייה.

ro'tatory mo'tion (ראו'-טיי-טא-רי מאו'-שאן) ז. *rotary motion*.

ro'tatory steam'-en'gine (ראו'-טיי-טא-רי סטיעמ'-ענ'-דזשין) ז. *rotary steam-engine*.

rote *n.* (ראוט) רוטינע, מעכאנישקייט; דאס איינלערנען אדער דעקלאמירען עפעס אויף אויסווענינג אדער מעכאניש; אזא מיטעלאלטערליכער מוזיקאלישער שטרייך-אינסטרומענט [מיט סטרונעס].

rot'gut *n.* and *a.* (ראט'-גאט) א שלעכטע, פערדארבענע, שעדליכע [פאר'ן מאגען] משקה; פערדארבען, שעדליך [וועגען משקאות].

ro'tifer *n.* (ראו'-טי-פער) א רעדער-חיה'לע [אזא מיקראסקאפישע בעשעפעניש, וואס איהרע הערעלעך, מיט וועלכע זי פערנעהמט נאהרונג, בעוועגען זיך ווי רעדלעך].

rotif'eral *a.* (רא-טיפ'-ער-על) וואס איז שייך צו א רעדער-חיה'לע; וואס האט א רעדעל-עהנליכען קערפער-טייל [ווי א רעדער-חיה'לע]. ז. *rotifer*.

rotif'erous *a.* (רא-טיפ'-ע-ראס) ז. *rotiferal*.

ro'tiform *a.* (ראו'-טי-פארם) ראד-עהנליך.

rot it! (ראט איט) צום טייפעל!

roton'do *a.* (רא-טאנ'-דאו) אין מוזיק — קיילעכדיג, פול.

rot'-steep *n.* (ראט'-סטיעפ) דאס ווייך, וואס קען קאטון [ציץ] פאר'ן בלייכען.

rot'ten *a.* (ראטן) פויל, צופוילט, פערדארבען; שטינקענד; קראנק אויף לונגען-פוילונג [וועגען שעפסען און אייניגע אנדערע חיות]; ווייך, צוברעכליך, ניט שטארק [ווי למשל, אייזען אדער שטיין].

rot'ten bor'ough (ראטן באר'-או) אין ענגלאנד [פאר די וואהל-רעפארמען פון 1832] — א שטאדט, וואס איז קלענער געווארען אין בעפעלקערונג, האט לויט דער בעפעלקערונג קיין רעכט ניט געהאט צו האבען פערטרעטער אין פארלאמענט און איז דאך געווען פערטראטען אין פארלאמענט אויף'ן גרונד פון דעם אמאליגען רעכט.

rot'ten-egg' *v.* (ראט'נ-עג') בעווארפען מיט פוילע אייער.

rot'tenness *n.* (ראט'נ-נעס) פוילקייט, צופוילקייט; פערדארבענהייט; דאס זיין ווייך, ניט שטארק, צוברעכליך [ווי למשל, א ביין, שטיין, אייזען א. ז. וו.].

rot'tenstone *n.* and *v.* (ראט'נ-סטאון) א שטיין, וואס איז געווארען ווייך און צוברעכליך [דער שטויב פון אזא שטיין ווערט געברויכט צום פאלירען]; פאלירען, רייבען אדער מאכען גלאנציג מיט דעם שטויב פון אזא שטיין.

rot'ula *n.* (ראט'-יו-לא) דאס קניע-שיסעלע. ז. *patella*.

rot'ular *a.* (ראט'-יו-לאר) וואס איז שייך צום קניע-שיסעלע. ז. *patella*.

rotund' *a.* (רא-טאנד') רונד, קיילעכדיג.

rotun'da *n.* (רא-טאנ'-דא) א ראטונדע, א רונדע געביידע [הויפטזעכליך אזא וואס האט נאך דערצו א קופאל אדער האלב-רונדען דאך]; א רונדער זאל מיט א האלב-רונדער ארקע.

rotun'date *a.* (רא-טאנ'-דייט) אבגערונדעט; רונד, קיילעכדיג.

rotundifo'lious *a.* (רא-טאנ-די-פאו'-לי-אס) רונד-בלעטערדיג, מיט רונדע בלעטער.

rotun'dity *n.* (רא-טאנ'-די-טי) רונדקייט, קיילעכדיגקייט.

rotund'ness *n.* (רא-טאנד'-נעס) ז. *rotundity*.

rotun'do *n.* (רא-טאנ'-דאו) ז. *rotunda*.

rou'ble *n.* (רוהבל) ז. *ruble*.

rouche *n.* (רוהש) ז. *ruche*.

roué' *n.* (רוה-איי') א נואף, אן אויסגעלאסענער מענש, א צולאזענער יונג.

rou'en *n.* (ראו'-ען) ז. *rowen*.

rouge *a., n.* and *v.* (רוהזש) רויט; רויטע פארב פאר'ן געזיכט, רויטע שמינקע; זיך פארבען מיט רויטען, זיך שמינקען [הויפטזעכליך די באקען]; רויט ווערען [אין געזיכט].

rouget' *n.* (רוה-זשיי') שוויין-פיבער [אזא אנשטעקענדע קראנקהייט ביי חזירים].

rough *a., adv., n.* and *v.* (ראף) שארסטקע, ניט גלייך, בערגעלדיג, ניט גלאט; ניט פאלירט, ניט אויסגעארבייט; גראב, רויה, בייז; ניט פאלירט, אונגעהובעלט, ניט ערצויגען; אויבערפלעכליך, ניט געניי, אונגעפעהר; שטורמדיג, אויפגערעגט; העפטיג; אלט-געבאקען, אלט; מיט גראבקייט; אויף אן אונפאלירטען, אונערצויגענעם אופן; רויהקייט, גראבקייט, אונפאלירטקייט; דאס זיין ניט אויסגעארבייט; ניט גלאטקייט, שארסטיגקייט, בערגעלדיגקייט; שטורעמדיגקייט, העפטיגקייט; דאס ארויסגעשטארצטע שטיקעל אייזען אויף א פאדקאווע צו פערהיטען דאס פערד פון אויסגליטשען זיך; א גראביאן, א ווילדער, צולאזענער יונג; מאכען רויה, ניט פאלירט, גראב; מאכען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג; בלויז אנווארפען, ניט פאלשטענדיג און ניט גענוי אויסארבייטען; פארבערייטען צו דער לעצטער פאלשטענדיגער אויסארבייטונג [ווי שטיינער, למשל]; צומאכען א שטיקעל אייזען צו א פערדישער פאדקאווע, מאכען בערגעלדיג א פערד'ס פאדקאווע [צו פערהיטען דאס פערד פון אויסגליטשען זיך].

rough a horse (ראף ע-האהרס) מאכען שארסטקע א פערד'ס פאדקאווע, צושלאגען שטיקלעך אייזען צו א פערד'ס פאדקאווע [אום עס צו פערהיטען פון אויסגליטשען זיך]; איינברעכען א פערד, עס צוגעוועהנען צום רייטען אדער פאהרען [הויפטזעכליך פאר מיליטער].

rough'-and-read'y *a.* (ראפ'-ענד-רעד'-אי) 1. גראב, אבער אימער גרייט צו דער ארבייט אדער אימער צו דער האנד, ווען נויטיג; 2. גראב, ניט פאלירט, אבער גרייט צום געברויך.

1. He is a **rough-and-ready** workman. 2. He is known for his **rough-and-ready** manners.

rough'-and-tum'ble *a.* (ראפ'-ענד-טאמ'בל) 1. ברוטאל, קאליעטשענד, ניט האלטענדיג זיך אן קיינע כללים [וועגען א קאמפף, הויפטזעכליך וועגען א פויסט-קאמפף]; 2. וואס איז צוגעפאסט צו א ביטערען, ברוטאלען קאמפף אהן רעגולאציאנען און כללים אדער וואס בעשטעהט פון אזא קאמפף.

1. For a few minutes the prize-fighters were engaged in a **rough-and-tumble** fight. 2. He leads a **rough-and-tumble** life.

rough breath'ing (ראף בריעטה'-אינג) אין גראמאטיק [הויפטזעכליך אין דער גריכישער] — דער קלאנג "ה" אדער *h*.

rough'-cast *v.* and *n.* (ראפ'-קעסט) 1. טינקעווען; דאס טינקעווען; 2. אנווארפען [א צייכנונג, למשל], מאכען אן ענטוואורף; מאכען אבי-ווי, ניט בעארבייטענדיג; 3. טינקעוואניע.

2. The story is only **rough-cast**.

rough'-clad *a.* (ראפ'-קלעד) גראב געקליידעט.

rough coat (ראף קאוט) די ערשטע שיכט [ווי פון פארב אדער פלאסטער].

rough'-coat *v.* (ראפ'-קאוט) ארויפ=לעגען דעם ערשטען פלאסטער=שיכט [אויף װענט].

rough'-cut *a. and n.* (ראפ'-קאט) װאס האט ברייטע צייהן, דיק [ווי למשל, א פייל]; א דיקע פייל; דער ערשטער שניט, דאס אבבערבען די ערשטע שיכט [ניט קימערענדיג זיך װעגען דער גלייכקייט און אויסארבייטונג].

rough'-cut mar'gin (ראפ'-קאט מאר'-דזשין) א ניט=פאלשטענדיג ארומגע=שניטענער ראנד אדער ברעג [ווי למשל, פון א בוך].

rough di'amond (ראף דאי'-ע-מאנד) אן אונגעשליפענער דימענט; אן אונגע=הובעלטער מענש [א גוטער, אבער ניט פאלירטער מענש].

rough draft (ראף דרעפט) אן אנגע=װארפענע צייכנונג, סקיצירונג אדער פלאן; א רויהער, ניט בעארבייטער ענטװאורף.

rough'-draft *v.* (ראפ'-דרעפט) סקי=צירען, מאכען ניט קיין אויספיהרליכע צייכנונג, אנװארפען [ניט בעארבייטענ=דיג] א סקיצירונג, צייכנונג אדער פלאן.

rough'-draw *v.* (ראפ'-דראה) מאכען א רויהע סקיצירונג, צייכנונג אדער ענט=װאורף.

rough'-dry *v. and a.* (ראפ'-דראי) טריקענען, אבער ניט פלעטען; געטרוי=קענט, אבער ניט געפרעסט אדער גלאט געמאכט.

rough'en *v.* (ראפען) 1. רויה מאכען, גראב מאכען; מאכען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג; װערען גראב אדער רויה; 2. װערען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג.

1. Her complexion had been **roughened** by exposure to wind and weather. 2. The landscape **roughens** by degrees into hills.

rough'er *n.* (ראפ'-ער) איינער װאס מאכט א רויהע, ניט פאלשטענדיגע בעאר=בייטונג פון עפעס; אן ארבייטער, װאס פארמירט עפעס אלס פארבערייטונג צו אן ענדליכער פאלקאמענער אויסארביי=טונג; װאלענער שטאף, נור=װאס פון װעב=שטוהל, איידער מען האט דערפון ארויס=גענומען די קניפלעך; איינער, װאס נעהמט ארויס די קניפלעך פון נור=װאס אויסגע=װעבטען שטאף; א ברעט מיט אייזערנע צייהן צו קאמען פלאקס.

rough file (ראף פאיל) א גראבע פייל.

rough'-foot'ed *a.* (ראפ'-פוט'-עד) מיט בעװאקסענע פיס [װעגען פויגלען].

rough'-grained *a.* (ראפ'-גריינד) שארסטיג, ניט גלאט, קערנדיג; גראב, װאולגאר, שװער אויסצוקומען.

rough'-grind *v.* (ראפ'-גראינד) מאט שלייפען אדער פאלירען [אזוי אז עס זאל זיין ניט אין גאנצען גלאט אדער גלאנ=ציג].

rough'-grown *a.* (ראפ'-גראון) װילד געװאקסען.

rough guess (ראף געס) א מעהר אדער װעניגער גענויע אבשאצונג; א טרעפונג, אורטייל אדער אבשאצונג װאס איז אונ=געפעהר ריכטיג.

rough'-hew *v.* (ראפ'-היו) 1. ארומ=האקען, ארומטעסען; 2. ניט געהובעלט, ניט פאלירט; 3. ניט פאלשטענדיג אויס=געארבייט.

2. He is a **rough-hewn** specimen of humanity. 3. It was a **rough-hewn** ill-timbered discourse.

rough'-hound *n.* (ראפ'-האונד) א מין הונד=פיש [אזא האיפיש]. ז. ***dogfish***

rough'-house *n.* (ראפ'-האוס) װילד=קייט, צולאזענקייט.

rough'-hou'sing *n.* (ראפ'-האו'-סינג) ז. ***rough-house***

rough in (ראף אין) די ארויפלעגען ערשטע שיכטען פלאסטער אויף ציגעל.

rough'ing-mill *n.* (ראפ'-אינג-מיל) אזא ראד אדער קיילעכדיגע פלאטע צו פאלירען עדעלשטיינער [אויסער דימענ=טען].

rough it (ראף איט) זיך דורכשלאגען װי עס איז; זיך פלאגען.

We shall have to **rough it** in our travels this summer.

rough'leg *n.* (ראפ'-לעג) א פאלק אדער סאקאל מיט בעװאקסענע פיס.

rough'-legged *a.* (ראפ'-לעגד) ז. ***rough-footed***

rough'ly *adv.* (ראפ'-לי) רויה, ניט גלאט, שארסטיג; גראב, אונגעהובעלט, אונפאלירט; העפטיג, שטורמדיג; אונגע=פעהר; אין אלגעמיין.

rough'ness *n.* (ראפ'-נעס) רויהקייט, גראבקייט, שארסטיגקייט, ניט גלאטקייט; בערגעלדיגקייט; אונפאלירטקייט, אונ=געהובעלטקייט; אויבערפלעכליכקייט, אונ=גענויאיגקייט; דאס זיין אונגעפעהר; שטורמדיגקייט, בייזקייט, העפטיגקייט; סיעטשקע [געשניטענע שטרוי אלס פו=טער פאר בהמות].

rough'-per'fect *a.* (ראפ'-פויר'-פעקט) אונגעפעהר פאלקאם, כמעט גוט [אין גע=דענקען א טעאטער=ראלע].

rough'-ri'der *n.* (ראפ'-ראי'-דער) א צוריטער, א בערייטער [איינער װאס געװױהנט צו יונגע פערד צום רייטען]; אן אונטער=אפיציר פון קאװאלעריע אדער ארטילעריע, װאס דיענט אלס געהילף פון דעם רייט=לעהרער; אן אונפארזיכטיגער, װילדער רייטער; איינער פון א רייטענ=דען װאלאנטערען=רעגימענט אין די פער=אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא בעת דער שפאניש=אמעריקאנישער מלחמה, װעל=כער איז בעשטאנען פון װעסטליכע ריי=טענדע פאסטוכער, יעגער און ספארט=לייט.

rough'-scuff *n.* (ראפ'-סקאף) א גרא=בער יונג; דער המון.

rough sea (ראף סיע) א שטורמדיגער ים.

rough'-set'ter *n.* (ראפ'-סעט'-ער) א מויערער װאס בויט מיט ניט געטעסעטע שטיינער.

rough'shod *a.* (ראפ'-שאד) װאס טראגט שיך בעשלאגען מיט שפיציגע אייזענס; װאס האט פאדקאװעס בעשלאגען מיט אייזענדלעך אדער בכלל ניט קיין גליטשי=גע פאדקאװעס [װעגען פערד].

rough'-slant *n.* (ראפ'-סלענט) אזא יעגער=צעצעלט.

rough'-spun *a.* (ראפ'-ספאן) גראב, אונגעהובעלט, אהן מאניערען, אונערצוי=גען.

rough'-string *n.* (ראפ'-סטרינג) אן אונטערשטיצע פון א טרעפ.

rough'-tree *n.* (ראפ'-טריע) א ניט ארומגעטעסעטער מאסט; דער טייל פון א מאסט איבער דעם דעק.

rough wall (ראף װאהל) א גראבע שטוקאטורעװעטע װאנד; א װאנד פון ניט געטעסעטע שטיינער.

rough weath'er (ראף װעטה'-ער) א שטורמדיגעס, שלעכטעס װעטער.

rough'-work *v.* (ראפ'-הװאירק) גראב אבארבייטען.

roulade' *n.* (רוה-לאד') א רולאדע, קא=לאראטור; א געריכט פון שטיקלעך אק=סען=פלייש צוזאמענגעװיקעלט מיט חזיר=פלייש און איינגעדעמפפט.

rouleau' *n.* (רוה-לאו') א דאלע, א קנויל; רונדע ביגטלעך ריטער [אויף בע=פעסטיגונגס=װערק].

roulette' *n.* (רוה-לעט') א פונקטיר=אינ=סטרומענט [א גראװיר=אינסטרומענט צו מאכען פונקטען]; א האר=קרייזלער [א קיילעכדיגער אינסטרומענט צו קרייזלען האר]; אין געאמעטריע — אזא קרומע ליניע; רולעטקע [אזא אזארטנעם שפיעל]; רולעטקע [אזא זיך דרעהענדע ראד מיט פערשיעדענע נומערען און פאר=בען, אויף װעלכע מען שפיעלט].

Rouma'nian *a. and n.* (רוה-מיי'-ני-ען) ז. ***Rumanian***

rounce *n.* (ראונס) א רעדעל אין א האנד=דרוק=פרעס װאס בעװעגט דעם דרוק=זאץ; אזא קארטען=שפיעל.

round *a., adv., prep., n. and v.* (ראונד) רונד, קיילעכדיג; פעריאדיש; אבגערונדעט, סימעטריש, פאלקאם [װע=גען א גראמאטישען זאץ אדער ליטעראַ=רישען סטיל]; לייכט, גלאט, לעבעדיג [װעגען א שריט, בעװעגונג אדער אויס=דרוק]; אויסגעפילט, פול, פאלשטענדיג, גאנץ; גרויס [אין צאהל אדער מאס]; װאס שטעלט זיך ניט אב אויף קליינינקיי=טען, ברייטהענדיג; אפען, אויפריכטיג; ענטשיעדען; מוטיג, דירעקט, אהן צערע=מאניעס; אין רונדע ציפערען [מיט נו=לען צום ענד אדער אין גאנצע צאהלען, גרויסע צאהלען, ניט רעכענענדיג די קליי=נע צאהלען אדער די ברוך=צאהלען]; קרעפטיג, הויך=קלינגענד; ארום; ארום און ארום; אין רונד; אין א קרייז; פון אנהויב ביז ענדע; אין אומקרייז; א רונדע זאך, א רונדער טייל; א קרייז, א צירקעל; אן ארומ=גאנג אדער פערשפרייטונג פון איינעם צום צװייטען אדער פון איין פונקט צום צװיי=טען; א מארשרוט, א קורס; א גאנג; א סעריע, א רייה; א געזעלשאפט; עט=װאס װאס װערט װיעדערהאלט פון אלע אנװעזענדע [װי טרינקען, אפלאדירען א. ז. װ.]; א קרייז=בעװעגונג פון א פערד; א קעסעל אין א ברויערײ, װאו דאס ביער איהרט אדער געהרט צום לעצטען מאל; א רונד=טאנץ [װען די טענצער זיינען אויס=געשטעלט אין א קרייז אדער בעװע=גען זיך אין א קרייז, װי למשל, א װאלץ, פאלקא א. ז. װ.]; א ראנדעל [ז. ***rondel***]: מאכען רונד אדער קיילעכ=דיג, אברונדען; מאכען פאלשטענדיג, גאנץ, אויסגעפילט, סימעטריש אדער אב=גערונדעט; װערען פאלשטענדיג, פערענ=דיגט װערען; ארומגעהן, מאכען א רונד=גאנג [װי למשל, א רונד=װאך], געהן פון ארט צו ארט אין א בעשטימטער ריכטונג אדער קרייז; זיך אומדרעהען; שושקען, איינרוימען.

round'about *a. and n.* (ראונד'-ע-באוט) 1. מיט אן אומװעג, הינטען ארום, אונדירעקט; 2. אומפאסענד, װייט גרײי=כענד, װייטלויפיג; 3. ארומנעהמענד, אומקרייזענד, ארומרינגלענד; א קארוּ=סעל [הילצערנע פערדלעך, װעגעלעך א. ז. װ., װעלכע דרעהען זיך אין א קרייז]; א לעהן=שטוהל מיט קיילעכדיגע לעהנ=װענטלעך; א ציקלאן, א װירבעל=װינד, א

ווירבעל-שטורם; א קורצער זשאקעט אדער רעקעל, וואס פאסט פעסט צום קערפער.

1. The information came to me in a **roundabout** way. 2. He is noted for his sound, **roundabout** sense.

round a cor'ner (ראונד ע קאהר'-נער) ארייננגעהן אין א קווער-גאס; אין א קווער-גאס.

round'-all *n.* (ראונד'-אהל) אן אקראבאטישער קונץ, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואס מען גיט זיך פריהער א ווארף אויף צוריק און מען שטעלט זיך אויף די הענד און נאכדעם דרעהט מען זיך צוריק איבער און מען שטעלט זיך אויף די פיס.

round an'swer (ראונד ענ'-סער) אן אפענער אדער בעשטימטער ענטפער.

round'-arched *a.* (ראונד'-ארטשט) וואס האט האלב-רונדע געוועלבען [וועגען א געביידע]; עהנליך צו א רונדען געוועלב.

round'-arm *a.* (ראונד'-ארם) אין קריקעט-שפיעל — רונד בעוועגענד די האנד מעהר אדער ווענינער האריזאנטאל [פון הינטען נאך פארענט]; געווארפען [דעם באל] מיט אזא האנד-בעוועגונג.

round'-armed *a.* (ראונד'-ארמד) אין פויסט-קאמפף — געגעבען א קלאפ מיט א האריזאנטאלער בעוועגונג פון דער האנד.

round dance (ראונד דענס) א רונד-טאנץ [ווען די טענצער זיינען אויסגעשטעלט רונד אדער בעוועגען זיך אין א קרייז, ווי למשל, א וואלץ, א פאלקא א. ז. וו.].

round deal'ing (ראונד דיעל'-אינג) אפענע, עהרליכע, אויפריכטיגע האנדלונג.

roun'del *n.* (ראונ'-דעל) ז. ***rondel***.

roun'delay *n.* (ראונ'-דע-ליי) א ליעד וואו א שורה אדער געדאנק ווערט איינינע מאל איבערגע'חזר'ט; א ראנדעל [ז. ***rondel***]; א רונד-טאנץ [ווי א פאלקא, וואלץ א. ז. וו.].

roun'der *n.* (ראונ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט קיילעכדיג אדער רונדעט אפ; איינער וואס מאכט א רונד-גאנג, וואס געהט א בעשטימטען וועג היין און צוריק; איינער וואס האלט אין איין וויעדערהאלען א פערברעכען; וואס ווערט וויעדערהאלט אין א רייה פון אלע אנוועזענדע [ווי טרינקען, אפלאדירען א. ז. וו.]; א רונד-לויף פון א שפיעלער ביי א געוויסען באל-שפיעל [ז. ***rounders***].

roun'ders *n.* (ראונ'-דערז) אזא באל-שפיעל.

round'-faced *a.* (ראונד'-פייסט) מיט א קיילעכדיגען פנים.

round'fish *n.* (ראונד'-פיש) א קארפ; דער לאצמאן-פיש [ז. ***pilot-fish***].

round game (ראונד גיים) א שפיעל, אין וועלכען די גאנצע געזעלשאפט נעהמט אנטייל.

round'hand *n.* (ראונד'-הענד) רונד-שריפט [אן ארט שרייבען, וואו די בוכשטאבען זיינען רונד און אהן שפיצינע ווינקלען]; דאס ווארפען דעם באל אין קריקעט-שפיעל מיט א רונדער האריזאנטאלער האנד-בעוועגונג.

Round'head *n.* (ראונד'-העד) א מיטגליעד פון דער ענגלישער פארלאמענטארישער פארטייי אין צייט פון בירגער-קריעג, געגרינדעט ארום 1641 [א וויהיג, א ליבעראל].

round'-head'ed *a.* (ראונד'-העד'-עד) וואס האט א רונדען קאפ; מיט א קורץ-געשארענעם קאפ.

round'house *n.* (ראונד'-האוס) א קאיוטע אויף'ן קווארטער-דעק פון א שיף; א געביידע אויף אמעריקאנער אייזענבאהנען, וואו מען האלט לאקאמאטיווען; א בית הכסא.

roun'ding *n.* (ראונ'-דינג) רונדונג, אויסבויגונג; די רונדע אויסבויגונג פון א וואלפיש, ווען ער וויל זיך ארונטערלאזען אונטער'ן וואסער; די אויסרונדונג פון דעם רוקען פון א בוך [ביים איינבינדען]; אלטע שטריק ארומגעוויקעלט ארום א שיפס-שטריק.

roun'ding-machine' *n.* (ראונ'-דינג-מע-שין') א מאשין צוצוגעבען א רונדע פארם אדער מאכען רונדע זאכען.

round'-i'ron *n.* (ראונד'-אי'-ערן) אן אינסטרומענט אבצורונדען און ארומצופוצען צונויפגעלייטעטע מעטאל-שטיקער, בלעכען, רעהרען א. ד. ג.

roun'dish *a.* (ראונ'-דיש) רונדליך, עטוואס קיילעכדיג.

roun'dishness *n.* (ראונ'-דיש-נעס) רונדליכקייט, דאס זיין עטוואס קיילעכדיג.

round jack'et (ראונד דזשעק'-עט) א קורצער זשאקעט אדער רעקעל וואס פאסט פעסט צום קערפער.

round knocks (ראונד נאקס) שווערע, שטארקע קלעפ.

roun'dle *n.* (ראונדל) ז. ***rondel***.

round'let *n.* (ראונד'-לעט) א קליינער קרייז.

round'ly *adv.* (ראונד'-לי) 1. אין א קיילעכדיגער פארם; 2. אויף אן ענטשיעדענעם, בעשטימטען אופן; אפען, אהן צערעמאניעס, אויפריכטיג, גלייך, ענטשיעדען; מוטיג; 3. אין רונדע צאהלען [ניט רעכנענדיג די קלענערע צאהלען אדער די ברוך-צאהלען], אונגעפעהר, ניט גאנץ גענוי; 4. שנעל, איילענדיג, לעבעדיג.

2. In his excitement he **roundly** abused all his friends.

round'mouth *n.* (ראונד'-מאוטה) א לאמפרעטע [אזא לאנגער, רונדער פיש]. ז. ***lamprey***.

round'-mouthed *a.* (ראונד'-מאוטהט) אין זאאלאגיע — מיט א קיילעכדיגען מויל, וואס האט ניט קיין אונטערשטען קינבאק-ביין [ווי למשל, געוויסע פיש].

round'ness *n.* (ראונד'-נעס) רונדקייט, קיילעכדיגקייט; אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט; ענטשיעדענהייט; מוטיגקייט; אבגערונדעטקייט, אויסגעארבייטקייט, פאלשטענדיגקייט, פאלקאמענהייט.

round num'ber (ראונד נאמ'-בער) א רונדע צאהל, אן אונגעפעהר גענויע צאהל [א צאהל וואו איינצעלנע און צעהנדליגע זיינען אויסגעלאזען, אום צו מאכען א גלייכע צאהל, ווי 10.000, 1.000, 100 א. ז. וו. אדער, ווען מען נעהמט ניט אין אנבעטראכט די קליינע צאהלען אדער ברוך-צאהלען].

The earth in its motion round the sun moves 20 miles per second in **round numbers**.

round oath (ראונד אוטה) א ביטערע קללה.

round of applause' (ראונד אוו ע-פלאהז') אלגעמיינער בייפאל, אלגעמיינע אפלאדיסמענטען.

round of beef (ראונד אוו ביעף) א קיילעכדיגע שטיק פאלקע-פלייש [פון אן אקס].

round of cheers (ראונד אוו טשיערז) אלגעמיינער בייפאל.

round off (ראונד אף) אברונדען; פערענדיגען, פערפאלקאמען, פערפאלשטענדיגען.

Next month I shall **round off** three years of service in the army.

round of vis'its (ראונד אוו וויז'-איטס) א רייה וויזיטען.

round on (ראונד אן) אנפאלען.

He **rounded on** me in rage.

round out (ראונד אוט) 1. אויסרונדען; אויספילען, עס זאל זיין קיילעכדיג; מאכען קיילעכדיג; 2. אברונדען, אבטאקען, פערפיינערען, מאכען פאלשטענדיג אדער פאלקאמען.

1. Her bust is well **rounded out**. 2. The speech was **rounded out** with apt illustrations.

round pace (ראונד פיים) א שנעלער, פלינקער שריט.

round'-ridge *v.* (ראונד'-רידזש) אקערען אין קיילעכדיגע שרונטען אדער שורות.

round'-rob'in *n.* (ראונד'-ראב'-אין) אונטערשריפטען אויף א ביטשריפט אדער אנדערען עהנליכען דאקומענט אויסגעשטעלט אין א קרייז; א דאקומענט, אויף וועלכען די אונטערשריפטען זיינען אויסגעשטעלט אין א קרייז; אזא קיילעכדיגער פיש.

round shot (ראונד שאט) א קיילעכדיגע שיס-קויל, א קאנאן-קויל.

round'-shoul'dered *a.* (ראונד'-שאול'-דערד) מיט רונדע שולטערען, וואס האט קיילעכדיגע פלייצעס.

rounds'man *n.* (ראונדז'-מען) אן אויפזעהער איבער פאליציסטען [א בעאמטער וואס געהט אום אין א געוויסער אבטיילונג פון שטאדט צו זעהן אויב די פאליציסטען טהוען זייער פליכט].

round'stone *n.* (ראונד'-סטאון) א קיילעכדיגער ברוק-שטיין.

round sum (ראונד סאם) א קיילעכדיגע סומע, א היבשע סומע.

round to (ראונד טו) אבקירעווען א שיף פון ווינד [פאר'ן פעראנקערען].

round up (ראונד אפ) 1. אנשיטען אדער אנפילען מיט א ווערף אדער קייפ [אזוי אז עס זאל בילדען א קיילעכדיגען שפיץ איבער דעם ראנד]; 2. צוזאמענטרייבען די בהמות אויף א פיטערונגס-פלאץ; 3. גוט אויסזידלען, שטארק טאדלען.

1. We **rounded up** the bushel of grain. 2. The cowboys left the camp to **round up** the herd of cattle.

round'-up *n.* (ראונד'-אפ) אברונדונג; צונויפטרייבונג פון בהמות [אויף א פיטערונגס-פלאץ]; פערענדיגונג, פערפאלקאמענונג; די אויסגעבויגענקייט, די קיילעכדיגקייט פון א שיף.

round'worm *n.* (ראונד'-הוואירם) א רונדער בויך-ווארים.

round'-wri'ting *n.* (ראונד'-ראי'-טינג) רונד-שריפט [א קיילעכדיגע שריפט פאר ארנאמענטען, וויזיט-קארטען א. ז. וו., וועלכע ווערט געוועהנליך געמאכט מיט א פען וואס האט צוויי אדער מעהר שפיצען].



round'-wri'ting in'strument (ראונד'-ראי'-טינג אינ'-סטרו-מענט) אזא פען-האלטער אין וועלכען עס קענען אריינגעשטעלט ווערען דריי רונד-שריפט פעדערען.

round'-wri'ting pen (ראונד'-ראי'-טינג פען) א רונד-שריפט פעדער. ז. *round-writing*.

roup *n.* (רוהפ) אן אנשטעקענדער האלז-קאטאר ביי פויגלען.

rouse *v.* (ראוז) אויפוועקען, ארויסרייסען פון רוה, שלאף, אונטהעטיגקייט א. ז. וו.; אויפרעגען, אנרעגען, בעוועגען, אויפמונטערען; זיך אויפכאפען, ווערען מונטער; ארויסטרייבען פון בעהעלטעניש [א געיעג-חיה]; אריינלעגען און טהייסלען אדער מישען אין זאלץ [ביים קאנזערווירען הערינג].

rouse'ment *n.* (ראוז'-מענט) ערוואכונג, דערוועקונג; אויפמונטערונג; אן אויפמונטערענדער אויפרוף אדער אנרעגונג.

rou'ser *n.* (ראו'-זער) 1. איינער אדער עטוואס וואס וועקט אויף, מונטערט אויף, רעגט אויף אדער רעגט אן צו עפעס; 2. עטוואס ערשטוינענדעס.
2. The speech was a rouser.

rou'sing *a. and n.* (ראו'-זינג) אויפוועקענד, אויפמונטערענד, אויפרעגענד, אנרעגענד, ערשטוינענד; איבערראשענד [גרויס, שנעל קרעפטיג א. ד. ג.]; דאס דורכטרייסלען פיש אין זאלץ [ביים קאנזערווירען].

rou'singly *adv.* (ראו'-זינג-לי) אויפוועקענדיג, אויפמונטערענדיג, אנרעגענדיג; ערשטוינענד.

Rousseau'ism *n.* (רוה-סאו'-איזם) עטוואס וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם פראנצויזישען שרייבער זשאן זשאק רוסא [געבארען 1712, געשטארבען 1778]; רוסא'ס לעהרען.

Rousseau's' lau'danum (רוה-סאוז' לאה'-דע-נאם) רוסא'ס ווייה-רויך [א געמיש פון אפיום מיט אלקאהאל].

roust *v.* (ראוסט) אויפרעגען, אויפרייצען, אויפוועקען; זיין העפטיג אדער ענערגיש.

roust *n. and v.* (רוהסט) א שטארקער שטראם [ביי פלוט און עבע]; זיך שטארק יאגען [ווי א שטראם].

roust'about *n.* (ראוסט'-ע-באוט) א האפען-ארבייטער, א שיף-ארבייטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי צופעליגער ארבייט.

rous'ter *n.* (ראוס'-טער) ז. *roustabout*.

rout *n. and v.* (ראוט) א שטארקער ליארם אדער גערויש; א טומעל; אן אויפרוהר; א צונויפלויף, א געזעמעל, א צונויפגעלאפענער המון; א מחנה; א גרויסע געזעלשאפטליכע פערזאמלונג; א גרויסע פערזאמלונג פון געסט; א נידערלאגע, א מפלה; איבערקעהרען, אויסריהען; ריהען, גראבען מיט'ן שנוק [ווי א חזיר]; אויסגראבען, פערטיעפען, אויסשניידען; ברייגנען צו א נידערלאגע, צווינגען צו אנטלויפען אין אונארדנונג דורך א נידערלאגע; פעריאגען, פערטרייבען.

rout'-cake *n.* (ראוט'-קייק) אזא קליינער זארט קוכען פאר אבענד-געזעלשאפטען.

route *n.* (רוהט) א וועג; א קורס, א ריכטונג; א רייזע-ריכטונג; א מארשרוט.

routin'ary *a.* (רוה-טינ'-ע-רי) וואס איז רוטין, וואס איז געוועהנליך, וואס איז אין דער געוועהנליכער ארדנונג.

routine' *n. and a.* (רוה-טין') די רוטינע, דער געוועהנליכער קורס אדער גאנג פון ארבייט אדער בעשעפטיגונג; די בעשטענדיגע אדער געוועהנליכע ארדנונג; דאס טהאן דיזעלבע זאכען אויף דעמזעלביגען אופן; וואס איז רוטין, וואס טהוט די ארבייט כסדר אויף דעמזעלבען שטייגער.

rout out (ראוט אוט) אויסריהען, אויסגראבען.

rove *v. and n.* (ראווו) ארומוואנדערען, ארומטרייבען זיך, ארומשלאיען זיך; פיהרען א לעבען פון א בראדיאגע אדער פון א רויבער; דורכוואנדערען; צוציהען אין פעדים; אויסציהען וואל אדער בוימוואל און לייכט צונויפדרעהען ווי דאס ווערט געטהאן פאר דעם שפינען; דורכציהען דורך א לעכעל אדער אויערעל; דורכגעצויגען דורך א לעכעל, אויערעל אדער בלאק [ז. *reeve*]; ציעלען א פייל [ניט אין א בעשטימטען ציעל]; ארומשלייפען אדער ארומהובלען א רונדע זאך אום צו פערקלענערען איהר דיאמעטער; דאס ארומוואנדערען, דאס ארומשלאיען זיך; א ראלע וואל אדער בוימוואל וואס איז אויסגעצויגען און לייכט צונויפגעדרעהט ווי צום שפינען; א מעטאלענע רינג-פלאטע וואס ווערט בענוצט צו פערניטעווען א טשוואק.

ro'ver *n. and v.* (ראו'-ווער) אן ארומוואנדערער, אן ארומטרייבער; א ניט-בעשטענדיגער מענש; א ים-רויבער, א פיראט; א פייל און בויגען שיסער וואס שיסט ניט אין א פעסט-בעשטימטען ציעל; א בויגען-שאס ניט אין קיין פעסט-בעשטימטען ציעל; אין קראקעט-שפיעל — א באל וואס איז שוין דורכגעגאנגען אלע טויערלעך און דארף נור אבגעקלאפט ווערען אן דעם שטאק, אז דאס שפיעל זאל געוואונען זיין; דער שפיעלער וועמענס באל איז אין אזא צושטאנד; אין ארכיטעקטור — א געזימס אונטער א געבויגענער אדער געדרעהטער ליניע; שיסען אהן א ציעל.

ro'ving *n.* (ראו'-ווינג) דאס ארומוואנדערען, דאס ארומטרייבען זיך; דאס שיסען מיט א פייל און בויגען ניט אין קיין פעסט-בעשטימטען ציעל; דאס אויסציהען א ראלע וואל אדער בוימוואל צוצוגרייטען צום שפינען; אויסגעצויגענע און לייכט צונויפגעדרעהטע וואל אדער בוימוואל ווי עס ווערט צוגעגרייט צום שפינען.

ro'ving-machine' *n.* (ראו'-ווינג-מע-שין') א פארשפין-מאשין [א מאשין אויסצוציהען וואל אדער בוימוואל פארצובערייטען עס צום שפינען].

ro'ving-plate *n.* (ראו'-ווינג-פלייט) א שטאלענע פלאטע וואס ווערט בענוצט ארומצושלייפען דעם ראנד פון א ראטירענדען שלייף-שטיין, אז ער זאל זיין פאלשטענדיג רונד.

ro'ving shot (ראו'-ווינג שאט) א שאס אהן א ציעל, א שאס אין דער וועלט אריין.

row *v. and n.* (ראו) רודערען, אנטרייבען א שיפעל מיט רודערס; ארבייטען מיט די רודערס; געטריבען ווערען דורך רודערס; אויסשטעלען אין א רייה אדער שורה; דאס רודערען; א שורה, א רייה.

row *n. and v.* (ראו) א גערויש, א ליארם, א סומאטאכע, א סקאנדאל, א טומעל; זידלען, בעליידיגען; צוקאליעטשען אדער צושטערען דורך א ווילדער בענעהמונג אדער אויפפיהרונג; זיך ווילד בענעהמען, זיך אריינלאזען אין א ליארמדיגען שטרייט אדער סקאנדאל.

row'an *n.* (ראו'-ען) דער ווילדער יאסען אדער דער בערג-יאסען [אזא בוים פון הארטען האלץ אויף וועלכען עס וואקסען אזא זארט רויטע יאגדעס]; א ראבינעס-בוים; די יאגדעס פון ווילדען יאסען; ראבינעס.

row'an-ber'ry *n.* (ראו'-ען-בער'-אי) די יאגדעס פון ווילדען יאסען, ראבינעס.

row'an-tree *n.* (ראו'-ען-טריע) דער ווילדער יאסען, דער ראבינעס-בוים. ז. *rowan*.

row'boat *n.* (ראו'-באוט) א רודער-שיף.

row'-de-dow *n.* (ראו'-די-דאו) ז. *rowdydow*.

row dry (ראו דראי) טרוקען רודערען [רודערען אזוי, אז עס זאל ניט שפריצען קיין וואסער אין שיפעל].

row'dy *n. and a.* (ראו'-די) א ליארם-מאכער, א סקאנדאליסט; ליארמדיג, סקאנדאליסטיש.

row'dydow *n.* (ראו'-די-דאו) א ליארם, א גערויש; א גערויש ווי דאס קלאפען אין א פויק.

row'dy-dow'dy *a.* (ראו'-די-דאו'-די) ליארמדיג, גערוישיג, טומעלדיג.

row'dyish *a.* (ראו'-די-איש) וואס מאכט ליארם, וואס מאכט סקאנדאלען.

row'dyism *n.* (ראו'-די-איזם) א סקאנדאליסטישע אויפפיהרונג.

rowed *a.* (ראוד) אויסגעשטעלט אין שורות אדער רייהען; וואס האט שורות אדער רייהען; געשטרייפט.

row'el *n. and v.* (ראו'-על) א שפארען-רעדעל; א רעדעלע מיט שפיציגע צייהנער; בענוצען דאס שפארען-רעדעל, א קלאפ געבען מיט די שפארען; בעזארגען מיט א שפארען-רעדעל.

row'el-spur *n.* (ראו'-על-ספויר) א שפארען וואס האט א רעדעל מיט שפיצען.

row'en *n.* (ראו'-ען) דער צווייטער היי-שניט פון א לאנקע אין דעמזעלבען יאהר.

row'er *n.* (ראו'-ער) א רודערער [איינער וואס טרייבט א שיפעל מיט רודערס].

row'er *n.* (ראו'-ער) א סקאנדאליסט.

row'ing *n.* (ראו'-אינג) דאס רודערען, דאס אנטרייבען א שיפעל דורך רודערען.

row'lock *n.* (ראו'-לאק) א פארריכטונג אין דער זייט פון א רודער-שיפעל אריינצושטעלען דעם רודער; אן אויסשניט אין דעם ראנד פון א שיפעל אריינצושטעלען דעם רודער. ז. *oar-lock*.


Rowlock

row up Salt Riv'er (ראו אפ סאהלט ריוו'-ער) זיין געשלאגען ביי די וואהלען [וועגען א קאנדידאט אדער פארטיי].

row'y *a.* (ראו'-אי) געשטרייפט, לינירט.

rox'burghe *n.* (ראקס'-באר-א) אזא איינבאנד פון א בוך, וואו דער רוקען ווערט געמאכט פון לעדער, וועהרענד די טאוולען ווערען בעצויגען מיט ליין אדער פאפיער און די בלעטער ווערען נור בעשניטען פון איין זייט, פון אויבען און בעגילט וועהרענד די ברעגעס פון די זייטען בלייבען רויה, אונבעשניטען.

roy'al *a. and n.* (ראי'-על) קעניגליך; פון א גרויסען פארמאט; פון א פארמאט וואס איז גרעסער ווי געוועהנליך; אזא קליינער קוואדראטנער זעגעל פון א שיף וואס ווערט ארויפגעצויגען אויף'ן מאסט-בוים העכער ווי אלע אנדערע זעגלען; איינער פון די צווייגלעך פון א הירש-הארן; אזא קליינע מארטיר-קאנאנע [צו ווארפען באמבעס]; א שפאניאלקע [דער טייל פון דער בארד, וואס וואקסט אונטער

דער אונטערשטער ליפ; ראיאל פאפיער [א גרויסער פארמאט שרייב=פאפיער פון 19 צאל ברייט און 24 צאל לענג, אדער דרוק=פאפיער פון 20 צאל ברייט און 25 צאל לענג].

Roy'al Academi'cian (ראי'-על ע-קעד-ע-מיש'-ען) א מיטגליעד פון דער לאנדאנער קונסט=אקאדעמיע.

Roy'al Acad'emy (ראי'-על ע-קעד'-ע-מי) די קונסט=אקאדעמיע אין לאנדאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1768.

roy'al assent' (ראי'-על ע-סענט') די קעניגליכע הסכמה צו א געזעץ נאכדעם ווי עס איז אנגענומען געווארען פון פארלאמענט.

roy'al bay (ראי'-על ביי) דער איידעלער לארבער=בוים.

roy'al blue (ראי'-על בלו) קעניגס=בלוי [אזא מין בלויע פארב].

roy'al duke (ראי'-על דיוק) א הערצאג פון קעניגליכען בלוט.

roy'al flush (ראי'-על פלאש) אין פאו=קער=שפיעל — די העכסטע פינף קארטען פון איין מאסט, וועלכע געהען כסדר איינע נאך די אנדערע.

roy'alise *v.* (ראי'-על-איז) ז. *royalize*.

roy'alism *n.* (ראי'-על-איזם) ראיאליזם, קעניגס=טרייהייט, דאס האלטען פאר א קעניגליכער רעגיערונג.

roy'alist *n. and a.* (ראי'-על-איסט) א ראיאליסט, אן אנהענגער פון א קעניג אדער פון א קעניגטום; ראיאליסטיש, וואס איז א ראיאליסט.

roy'alize *v.* (ראי'-על-איז) מאכען קעניגליך.

roy'ally *adv.* (ראי'-על-אי) אויף א קעניגליכען אופן; אזוי ווי א קעניג.

roy'al mine (ראי'-על מאין) א גאלד אדער זילבער=מינע וועלכע געהערט צו דער קרוין.

roy'al prerog'ative (ראי'-על פרי-ראג'-ע-טיוו) די קעניגליכע פרעראגאטיווע [דאס אויסשליסליכע קעניגליכע רעכט, א קעניגליכע פריווילעגיע וואס קיין אנדער פערזאן האט עס ניט].

roy'al pur'ple (ראי'-על פוירפל) קעניג=פורפור [א געוויסער פורפור=קאליר]. ז. איל. *"Colors"*.

roy'al road to knowl'edge (ראי'-על ראוד טו נאל'-עדזש) א גלייכער און לייכטער וועג זיך צו ערווערבען וויסענשאפט.

Roy'al Soci'ety (ראי'-על סא-סאי'-ע-טי) די אקאדעמיע פון וויסענשאפטען אין לאנדאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1662.

roy'al suprem'acy (ראי'-על סיו-פרעמ'-ע-סי) ז. *regal supremacy*.

roy'al touch (ראי'-על טאטש) די היילענדע בעריהרונג פון קעניג [דאס גלויבען, דאס ווען דער קעניג ריהרט אן א שקראפעל=קראנקען, ווערט ער געזונד].

roy'alty *n.* (ראי'-על-טי) קעניגטום, קעניגס ווירדע; די קעניגליכע מאיעסטעט; א קעניגליכע פערזאן; פערזאנען פון קעניגליכען ראנג; א מיטגליעד פון דער קעניגליכער פאמיליע; די קעניגליכע מאכט אדער אויטאריטעט; א קעניגליכע פריווילעגיע אדער רעכט; א קעניגליכער בעזיץ; א שטייער וואס ווערט געצאהלט צו דער קרוין; א טייל פון דער איינגאהמע וואס ווערט געצאהלט צו א פערפאסער פון א ווערק אדער צו אן ערפינדער פון א פאטענט.

Roy'ston crow (ראי'-סטאן קראו) די גרויע קראהע.

R. R. ראשי תבות פון *railroad*

rub *v. and n.* (ראב) רייבען; שייערען; פאלירען; אברייבען; אבשלייפען; אברייניגען; אבפוצען; אבפרישען; אבשייערען אדער אבפוצען אן איינגראווירטע פיגור אדער סטאטוע אראבצונעהמען פון איהר א קאפיע דורך אן אבדרוק; זיך רייבען; זיך אנשטויסען; זיך ווי עס איז דורכשלאגען אדער דורכשטופען; אברייבונג; דאס אברייבען; דאס אבשייערען; א רייבונג, א שטערונג; א צוזאמענשטויס; א "רייב", א "רייב אין זייט", א "רייב אין מארדע".

rub'adub *n.* (ראב'-ע-דאב) דער קלאנג פון א פויק; א שטארקער גערויש.

rub'-a-dub *n.* (ראב'-ע-דאב) ז. *rubadub*.

rub a thing in (ראב ע טהינג אין) מאכען אן אונאנגענעהמע זאך נאך אונאנגענעהמער דורך ווידערהאלען זי.

rub'ber *n., v. and a.* (ראב'-ער) א רייבער; א פאלירער; א שייערער; א שלייפער; א מאסאזשיסט; א געצייג אדער שטאף מיט וואס מען רייבט, ווישט אב אדער שייערט; א שארפשטיין; דאס רייבקישעלע פון אן עלעקטרישער מאשין; א רייב=פייל [א גראבע פייל]; א רייב=שטיין וואס ווערט בענוצט ביים פאלירען; רייב=פאפיער; א רייב=פלעכע; א וויש=לאפען, א פלעדער=וויש; א האנדטוך אדער ליילעך מיט וואס מען רייבט זיך אב נאך'ן באדען; גומיע, קויטשוק, מעק=גומיע; א קאלאש; א געגענשטאנד געמאכט פון גומיע; א גומיע=באנד, א גומיע=פאדים; א צוזאמענשטויס, א שטערונג, א שוועריגקייט; א בעגרענצטע סעריע פון קאנען אין וועלכען עס איז שפיעל וואו דער געווינס ווערט ענטשיעדען דורך דער גרעסערער צאהל געוואונענע קאנען; דער קאן וואס ענטשיידעט דעם געווינס; איינער וואס דרעהט זיך איבעראל ארום אום אלעס צו קוקען און צו זעהן, איינער וואס איז נייגעריג אלעס צו זעהן און צו וויסען; זיך איבעראל ארומדרעהען אום אלעס צו זעהן און הערען; אונטערהערען וואס אנדערע ריידען דורך'ן טעלעפאן; געמאכט פון גומיע אדער פון קויטשוק.

rub'ber cloth (ראב'-ער קלאהטה) צייג בעצויגען מיט גומיע; גומיע פאבריצירט אין דינע בלעטער.

rub'ber-coat *n.* (ראב'-ער-קאוט) א רעגען=מאנטעל.

rub'ber-file *n.* (ראב'-ער-פאיל) א רייב=פייל [א שווערע גראבע פייל].

rub'ber-neck *n. and v.* (ראב'-ער-נעק) איינער וואס שטרעקט זיין האלז איבעראל צו קוקען און צו זעהן, איינער וואס דרעהט זיך איבעראל ארום צו זוכען נייעס; ארומדרעהען זיך איבעראל אום אלעס צו זעהן, ארומשמעקען נאך נייעס.

rub'ber plate (ראב'-ער פלייט) א קויטשוק=פלאטע פאר קינסטליכע צייהנער.

rub'bers *n.* (ראב'-ערז) קאלאשען; אזא קראנקהייט פון שעפסען וואס כאראקטעריזירט זיך דורך היץ און בייסונג.

rub'ber-saw *n.* (ראב'-ער-סאה) אזא ראטירענדע זעג צום זעגען קויטשוק.

rub'ber stamp (ראב'-ער סטעמפ) א גומיע=שטעמפעל, א קויטשוק=שטעמפעל.

rub'ber-tree *n.* (ראב'-ער-טריע) א גומיע=בוים.

rub'bing *n.* (ראב'-אינג) דאס רייבען; דאס שייערען; אן אברייבונג, אן איינרייבונג.

rub'bing-post *n.* (ראב'-אינג-פאוסט) א הויפען שטיינער אדער האלץ פאר פיה צום קראצען זיך.

rub'bish *n.* (ראב'-איש) מיסט, אבפאל; אבגענוצטעס אדער אוננוצבארעס מאטעריאל וואס ווערט ארויסגעווארפען; אונזין, נארישקייטען.

rub'bish-heap *n.* (ראב'-איש-היעפ) א קופע מיסט אדער אבפאל.

rub'bishing *a.* (ראב'-איש-אינג) שלעכט, פאסקודנע; נוצלאז, ווערטהלאז; עלענד, געמיין, לומפיג, אונזיניג.

rub'bishy *a.* (ראב'-איש-אי) שלעכט, פאסקודנע; נוצלאז, ווערטהלאז; לומפיג, געמיין; אונזיניג; פול מיט מיסט אדער אבפאל.

rub'ble *n.* (ראבל) רויהער ברוכשטיין; ברוך=שטיקער פון שטיינער; מויער=ארבייט פון רויהע ברוכשטיינער; א מאסע אייז=קריהעס; געבראכענע שטיקער.

rub'ble-ice *n.* (ראב'ל-אים) געבראכענע שטיקער אייז; אייז=קריהעס.

rub'ble-stone *n.* (ראב'ל-סטאון) רויהער ברוכשטיין.

rub'ble-wall'ing *n.* (ראב'ל-הוואהל'-אינג) ז. *rubble-work*.

rub'ble-work *n.* (ראב'ל-הווארק) מויער=ארבייט פון רויהע ברוכשטיינער.

rub'bly *a.* (ראב'-לי) פול מיט קליינע ברוך=שטיינער.

rub down (ראב דאון) אברייבען אדער אבשייערען פון אויבען ביז ארונטער; ארומרייבען, קלענער מאכען דורך אברייבען, אבשלייפען, ארומשלייפען.

rubed'inous *a.* (רו-בעד'-אי-נאס) רויטליך.

rubed'ity *n.* (רו-בעד'-אי-טי) רויטליכקייט.

rubefa'cient *a. and n.* (רוה-בי-פיי'-שיענט) וואס מאכט רויט, וואס רופט ארויס א רויטקייט; א מעדיצינישער מיטעל וואס פעראורזאכט א רויטקייט אויף דער הויט [ווי למשל, א זענעפט=פלאסטער].

rubefac'tion *n.* (רוה-בי-פעק'-שאן) רויטקייט פון דער הויט וואס ווערט פעראורזאכט פון א מעדיצינישען מיטעל [ווי למשל, פון א זענעפט=פלאסטער]; די ווירקונג פון אזא מיטעל.

rub el'bows (ראב על'-באוז) זיין אין נאהנטער פריינדשאפט, זיין אינטים.

rubel'la *n.* (רו-בעל'-א) דייטשע מאזלען [אזא לייכטע אנשטעקענדע מאזלען=עהנליכע קראנקהייט].

ru'bellite *n.* (רוה'-בעל-איט) דער רובעליט [אזא מין טייערער עדעלשטיין פון רויטליכען אדער ראזען קאליר].

rube'ola *n.* (רו-בי'-א-לא) מאזלען; דייטשע מאזלען [אזא לייכטע אנשטעקענדע מאזלען=עהנליכע קראנקהייט].

rube'olar *a.* (רו-בי'-א-לאר) וואס איז שייך צו מאזלען. ז. *rubeola*.

rube'oloid *a.* (רו-בי'-א-לאיד) עהנליך צו מאזלען.

rubes'cence *n.* (רו-בעס'-ענס) דאס ווערען רויט.

rubes'cent *a.* (רו-בעס'-ענט) וואס ווערט רויט.

ru'bican *a.* (רוה'-בי-קען) גרוי, געשי=

מעלט, ווי א שימעל [וועגען דעם קאליר
פון א פערד].

ru’bicel *n.* (רוה’-בי-סעל) דער רובי=
סעל [אזא רויטער עדעלשטיין].

ru’bicelle *n.* (רוה’-בי-סעל)
ז. *rubicel*.

ru’bicund *a.* (רוה’-בי-קאנד) רויט,
רויטליך, ראזע.

rubicun’dity *n.* (רוה-בי-קאנ’-די-טי)
דאס זיין רויט, רויטקייט.

rubid’ic *a.* (רו-ביד’-איק) וואס איז
שייך צו רובידיום. ז. *rubidium*.

rubid’ium *n.* (רו-ביד’-אי-אם) רובי=
דיום [א זעהר ווייכער זילבער=ווייסער
מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד=
עלעמענטען].

ru’bied *a.* (רוה’-ביד) רויט ווי רובין=
שטיין, העל=רויט.

rubifac’tion *n.* (רוה-בי-פעק’-שאן)
ז. *rubefaction*.

rubif’ic *a.* (רו-ביפ’-איק) וואס מאכט
רויט.

rubifica’tion *n.* (רוה-בי-פי-קיי’-שאן)
דאס מאכען רויט.

ru’biform *a.* (רוה’-בי-פארם) רויט=
ליך.

ru’bify *v.* (רוה’-בי-פאי) רויט מאכען.

rubig’inose *a.* (רו-בידזש’-אי-נאוס)
ראסט=פארביג, ברוין=רויט.

rubig’inous *a.* (רו-בידזש’-אי-נאס)
ראסט=פארביג, ברוין=רויט; אנגעשטעקט
מיט פלאנצען=ראסט [ז. *rubigo*].

rubi’go *n.* (רו-באי’-גאו) פלאנצען=
ראסט, מעל=טוי [אזא קראנקהייט פון
פלאנצען, וועלכע ווערען בעדעקט מיט
גאנץ קליינע פאראזיטישע שוועמליך].

rub in (ראב אין) דערגעהן, דאקוטשען
די יאהרען; איינרייבען.

ru’bine *n.* (רוה’-בין) אן אנילין=פארב.
ז. *aniline*.

ru’ble *n.* (רוהבל) א רובל [א רוסישע
געלד=איינהייט, וועלכע ענטהאלט הונדערט
קאפיקעס. האט דעם ווערטה פון אונגע=
פעהר 51½ אמעריקאנער סענט].

rub off (ראב אף) אבריי= אברייניגען,
בען, אבמעקען; פטור ווערען.

rub on (ראב אן) זיך ווי עס איז דורכ=
שלאגען.

rub out (ראב אוט) אויסמעקען, אויסריי=
בען; צורייבען, פאנאנדערייבען [ווי
מען צורייבט פארב, למשל].

ru’bric *n., a. and v.* (רוה’-בריק) א
רובריק, אן אבטיילונג; די געלד=ליניעס
אין א רעכנונג, וועלכע זיינען געוועהנליך
רויט; א טיטעל, אן איבערשריפט וואס
ווערט געדרוקט אין רויט; א קירכליכע
פארשריפט אדער פעראָרדנונג וואס ווערט
געוועהנליך געדרוקט אין געבעט=בוך מיט
רויטע בוכשטאבען; וואס איז שייך צו
א קירכליכער פארשריפט אדער פעראָרד=
נונג; רויט, פון א רויטען קאליר; בע=
צייכענט מיט רויטע בוכשטאבען; בעפו=
צען מיט רויט, בעפארבען מיט רויט, אנ=
צייכענען מיט רויט.

ru’brical *a.* (רוה’-ברי-קעל) רויט; וואס
איז שייך צו א רובריק, וואס איז ענט=
האלטען אין א רובריק.

ru’bricate *v. and a.* (רוה’-ברי-קייט)
אנצייכנען אדער אנמערקען מיט רויטער
טינט אדער קרייד; קאלארירען מיט רוי=
טע בוכשטאבען אדער ווערטער; איינ=
ארדנען אין א רובריק; וואס איז אנגע=
צייכענט מיט רויטער טינט אדער קרייד,
וואס איז רויט קאלארירט.

rubrica’tion *n.* (רוה-ברי-קיי’-שאן)
דאס פערצייכענען מיט רויט, דאס קאלא=
רירען מיט רויטע בוכשטאבען אדער
ווערטער; א טייל פון טעקסט וואס איז
רויט קאלארירט, ווי בוכשטאבען אדער
ווערטער; דאס אויסשטעלען אין א רוב=
ריק, ארדנען אין רובריקען.

ru’bricator *n.* (רוה’-ברי-קיי-טאר)
איינער וואס זיין ארבייט איז אריינצו=
שטעלען רויטע בוכשטאבען אדער ווער=
טער אין טעקסט פון א בוך אדער מא=
נוסקריפט.

rubri’cian *n.* (רו-בריש’-ען) א קענער
אדער אנהענגער פון קירכליכע פארשריפ=
טען אדער פעראָרדנונגען.

ru’bricist *n.* (רוה’-ברי-סיסט)
ז. *rubrician*.

ru’bricose *a.* (רוה’-ברי-קאוס) רויט
קאלארירט.

rub’stone *n.* (ראב’-סטאון) א שלייף=
שטיין, א שארף=שטיין.

rub the hair the wrong way (ראב
טהי העהר טהי ראהנג הוויי) אויפרייצען
אדער אויפרעגען דורך קליינליכע שטרייו=
טיגקייטען אדער בעמערקונגען.

rub through (ראב טהרוה) ווי עס איז
זיך דורכשלאגען.

rub up (ראב אפ) 1. אבפאלירען;
אבשייערען; 2. אבפרישען, א שלייף
טהאן [דעם מח].

2. I have to **rub up** on my Latin.

ru’by *n., a. and v.* (רוה’-בי) א רובין
[א טייערער עדעלשטיין פון רויטען קא=
ליר. ז. איל. *“Gems”*]; א העל=רוי=
טע פארב אדער קאליר; עטוואס וואס
איז עהנליך צו א רובין; א היץ=בלאטער,
א רויטער פרישטשיק; א קליינע דרוק=
שריפט וואס איז קלענער ווי נאמפארעל
און גרעסער אלס פערעל; רויט ווי א
רובין; העל=רויט; מאכען רויט, פאר=
בען רויט.

ru’by-blende *n.* (רוה’-בי-בלענד)
רובין=בלענדע [אזא רויטער ערץ וואס
בעשטעהט פון צינק און שוועבעל]; א
רויטער זילבער=ערץ אדער שוועבעל=פער=
בינדונג פון ארזעניק און זילבער.

ru’by-crowned *a.* (רוה’-בי-קראונד)
וואס האט א רויטען פונקט אויף’ן שיי=
דעל [ווי געוויסע פויגלען].

ru’by sil’ver (רוה’-בי סיל’-ווער)
רויטע זילבער=ערץ. ז. *ruby-blende*.

ru’by sul’phur (רוה’-בי סאל’-פויר)
דאס רויטע שוועבעל ארזעניק.

ru’by-wood *n.* (רוה’-בי-הוואוד) דאס
רויטע סאנדאל=האלץ. ז. *sandalwood*.

ruche *n.* (רוהש) א געפאלבטער אדער
געקרויזטער שפיצען=קראגען אדער מאנ=
זשעטען געמאכט פון מוסלין אדער פון
דינעם באנד פאר פרויען=קליידער.

ruck *v. and n.* (ראק) קנייטשען, מא=
כען פאלבען; פלאגען, קוועלען; אויפ=
רעגען; ווערען צוקנייטשט; זיך צונויפ=
קארטשען [ווי א פויגעלע אין נעסט];
א פאלב, א פאלד, א קנייטש; א געדרענג
פון מענשען; נארישקייטען, פוסטע זא=
כען.

ruck up (ראק אפ) צוזאמענפאלטען,
צוזאמענלעגען, צונויפקנייטשען; אויפרע=
גען, פלאגען, קוועלען.

ructa’tion *n.* (ראק-טיי’-שאן) דאס
גרעפסען.

ruc’tion *n.* (ראק’-שאן) דאס פלאגען,
דאס קוועלען; א געלאף, א געדרענג, א
געשלעג.

rudd *n.* (ראד) [אזא מין דער רויט=פיש
פיש מיט גאנץ רויטע פלוס=פעדערן,
וועלכער געפינט זיך
אין די טייכען
און אזערעס פון
אייראפא].



Rudder

rud’der *n.* (ראד’-ער) א שטייער=רו=
דער [פון א שיף];
עטוואס וואס גיט
אן די ריכטונג פון
א פערזאן אדער
זאך.

rud’der-chain *n.* (ראד’-ער-טשיין)
די רודער=קייט [איינע פון די צוויי קיי=
טען וועלכע זיינען בעפעסטיגט צו דעם
שטייער=רודער].

rud’der-coat *n.* (ראד’-ער-קאוט) דער
רודער=קראגען [דאס שטיק צייג וואס איז
ארומגעוויקלעט ארום דעם רודער=קאפ
אום דאס וואסער זאל ניט אריין אין
דער שיף].

rud’der-head *n.* (ראד’-ער-העד) דער
רודער=קאפ [דער אויבערשטער ענד פון
שטייער=רודער].

rud’der-hole *n.* (ראד’-ער-האול) דאס
רודער=לאך [דאס לאך אין דעם דעק פון
א שיף, דורך וועלכען דער רודער=קאפ
געהט דורך].

rud’der-i’ron *n.* (ראד’-ער-אי’-ערן)
דער רודער=האקען.

rud’derless *a.* (ראד’-ער-לעס) אהן א
שטייער=רודער.

rud’der-pen’dant *n.* (ראד’-ער-פענ’-
דענט) ז. *rudder-chain*.

rud’died *a.* (ראד’-איד) רויט, רויט=
ליך, וואס איז געמאכט רויט.

rud’dily *adv.* (ראד’-אי-לי) מיט א
רויטליכען אויסזעהן.

rud’diness *n.* (ראד’-אי-נעס) רויט=
קייט; א פרישע רויטע פארב [פון גע=
זיכט].

rud’dle *n. and v.* (ראדל) רויטער
קרייד; אנצייכענען מיט רויטען קרייד;
צוזאמען דורכזיפען, צונויפמישען ווי דורך
א זיפ.

rud’dleman *n.* (ראד’ל-מען) איינער
וואס האנדעלט מיט רויטען קרייד.

rud’dock *n.* (ראד’-אק) דאס רויט=
קעלכען [א געוויסעס אייראפעאישעס זינג=
פויגעלע]. ז. *redbreast*.

rud’dy *a. and v.* (ראד’-אי) רויט, רויט=
ליך; לוסטיג, מונטער; מאכען רויט.

rud’dy-rud’der *n.* (ראד’-אי-ראד’-
ער) דער רויט=עקיגער זון=פיש.

rude *a. and adv.* (רוהד) גראב, רויה,
ניט בעארבייט; פון א שלעכטען פאסאן;
פארטאטשקע; פראסט; געמיין; אונגע=
לומפערט; אונציוויליזירט; בארבאריש;
אונוויסענד, אונקולטיווירט; אונערצוי=
גען; אונהעפליך; אונארטיג; ווילד;
ברוטאל; אכזריות’דיג; געוואלטזאם;
שטרענג; שטארק, פעסט; העפטיג;
שטורמדיג; אויף א גראבען, רויהען, ניט
בעארבייטען אדער אונגעלומפערטען אופן;
פון א שלעכטען פאסאן; מעשה פארטאטש;
אויף א ווילדען אדער בארבארישען אופן;
מיט גראבקייט; מיט שטרענגקייט; מיט
שטארקייט; אויף א שטורמדיגען אדער
געוואלטזאמען אופן.

rude’ly *adv.* (רוהד’-לי) אויף א גראבען,
ניט בעארבייטען אדער אונגעלומפערטען
אופן; פון א שלעכטען פאסאן; מעשה
פארטאטש; אהן עלעגאנץ, אהן קונסט;
מיט גראבקייט אדער אונהעפליכקייט;

אויף א ווילדען אדער בארבארישען אופן; געוואלטזאם; שטורמדיג; מיט שטרענגקייט; מיט שטארקייט.

rude'ness *n.* (רוהד'-נעס) גראבקייט, רויהקייט, אונגעלומפערטקייט; אונעלעגאנטקייט; פראסטקייט; אונהעפליכקייט; אונציוויליזירטקייט; אונארטיגקייט; ווילדקייט; אונוויסענהייט; שטרענגקייט; העפטיגקייט; שטורמדיגקייט.

ru'deral *a.* (רוה'-דע-רעל) וואס וואקסט אין פלעצער וואו עס ווערט ארויסגעשאטען אבפאל אדער מיסט [וועגען געוויסע פלאנצען].

rudes'by *n.* (רוהדז'-בי) א גראביאן, א גראבער יונג.

ru'diment *n. and v.* (רוה'-די-מענט) דער אנפאנג, די גרונדלאגע; עטוואס וואס איז אין דער אנפאנגס=סטאדיע פון דער ענטוויקלונג; דער אנפאנג פון אן ארגאן אדער א טייל פון אן ארגאן; א שפור אדער א רעשט פון א גליעד וואס האט זיך ניט ענטוויקעלט אדער איז ביסלעכווייז פערשוואונדען; א גליעד וואס האט ניט קיין פונקציאנס=טהעטיגקייט; נעבען די אנפאנגס=גרינדע אדער די גרונד=כללים.

rudimen'tal *a.* (רוה-די-מענ'-טעל) רודימענטאר, עלעמענטאר; וואס געהערט צו אנפאנגס=גרינדע, וואס געהערט צו די ערשטע כללים אדער גרונד=פרינציפען.

rudimen'tarily *adv.* (רוה-די-מענ'-טע-רי-לי) אין א רודימענטארען אדער עלעמענטארען צושטאנד; אויף אן עלעמענטארען אופן.

rudimen'tary *a.* (רוה-די-מענ'-טע-רי) רודימענטאר אדער עלעמענטאר; וואס איז שייך צו אנפאנגס=גרינדע אדער צו די אנפאנגס=כללים; וואס געפינט זיך אין אן אנפאנגס=סטאדיע פון ענטוויקלונג; וואס בלייבט אין אן אונענטוויקעלטען צושטאנד; וואס האט ניט קיין טהעטיגקייטס=פונקציאנען [וועגען גליעדער פון קערפער].

rue *v. and n.* (רוה) חרטה האבען; בעדויערען, בעקלאגען, רחמנות האבען; די ראוטע [אזא קליין בוימעל וואס האט א שטארקען אונאנגענעהמען ריח. זיינע בלעטער זיינען שטעכיג און זיינע בליהונגען זיינען גרין=געלב].

rue'-bar'gain *n.* (רוה'-באר'-גיין) א שלעכטע קניה, א קויף אויף וועלכען מען האט חרטה; די געצאהלט וואס מען גיט אום צו קענען חרטה האבען אויף א קויף.

rue'ful *a.* (רוה'-פול) בעדויערליך, קלעגליך, יאמערליך; פול מיט רחמנות; מיטליידס=ווערטה.

rue'fully *adv.* (רוה'-פול-אי) אויף א בעדויערליכען אופן; מיט טרויער, מיט בעדויערען; מיטליידס=ווערטה, בעדויערונגס=ווערטה

rue'fulness *n.* (רוה'-פול-נעס) בעדויערליכקייט, טרויריגקייט; קלעגליכקייט; יאמערליכקייט.

ru'er *n.* (רוה'-ער) איינער וואס בעדויערט אדער האט מיטלייד.

rufes'cence *n.* (רו-פעס'-ענס) רויטקייט, א רויטליכער קאליר.

rufes'cent *a.* (רו-פעס'-ענט) רויטליך, רויט ווערענד.

ruff *n. and v.* (ראף) א געקרויזטער קראגען [ווי עס פלעגען טראגען די אדעליגע צום ענדע פון מיטעלאלטער]; א טשוב פון פעדערען ביי געוויסע פויגלען וואס שטארצט ארום האלז ווי א קראגען; א קרייזעל פון לאנגע האר ארום האלז ביי געוויסע הינד; אין א מאשין — דער האלז פון א וואל [דאס פערדיקטע ארט אויף א וואל אין דער פארם פון א רינג, וואס דערלאזט ניט דאס ראד אדער אן אנדער זאך ארויסצוגעהן פון איהם]; די קאפען=טויב [ז. *jacobin pigeon*]; דער קאמפף=האהן [א פויגעל פון די צפונלענדער מיט א גרויסען טשוב פעדערען ארום האלז. ז. איל]; דער קוילבארס [אן אייראפעאישער טייך=פיש]; א לייכטעס קלאפען אויף א פויק; אין קארטען=שפיעל — דאס דעקען א קארט מיט א טרומף אדער קאזיר [ווען דער שפיעלער האט ניט קיין קארטען פון דערזעלביגער מאסט]; דעקען א קארט מיט א טרומף; קעמען אדער בערשטען פלאקס אויף א ברעטעל וואס איז אנגעשלאגען מיט הויכע אייזערנע שטאכלעך.

Ruff

ruffed *a.* (ראפט) אין זאאלאגיע — וואס האט א קרויז פון האר אדער פעדערען ארום האלז; געבארשטען אויף א ברעטקאם [וועגען פלאקס].

ruffed grouse (ראפט גראוס) די קראגען=הוהן [א מין נארד=אמעריקאנישער פויגעל מיט צוויי דיקע קרייזלעך פון פעדערען ארום האלז].

Ruffed Grouse

ruf'fian *n., a. and v.* (ראפ'-יען) א ווילדער יונג, א ברוטאלער קערל, א יונג וואס איז גרייט צו בעגעהן יעדען פערברעכען; א גזלן, א רויבער, א מערדער; ברוטאל, מערדעריש, אונמענשליך; ווילד, שטורמדיג; אויפהויבען א טומעל; בעגעהן זיך ברוטאל.

ruf'fianhood *n.* (ראפ'-יען-הוד) ז. *ruffianism*

ruf'fianish *a.* (ראפ'-יען-איש) ווי א מערדער, ברוטאל.

ruf'fianism *n.* (ראפ'-יען-איזם) ווילדקייט, ברוטאליטעט.

ruf'fian-like *a.* (ראפ'-יען-לאיק) ז. *ruffianish*

ruf'fianly *adv.* (ראפ'-יען-לי) אויף א ווילדען, ברוטאלען שטייגער; מעשה גזלן.

ruf'fle *v. and n.* (ראפל) צונויפקנייטשען, צורונצלען, מאכען פאלדען; צומישען, צושויבערען, מאכען אונגלייך, בריינגען אין אונארדנונג; בויטשען, צוטרייסלען, ברויזען, בריינגען אין בעוועגונג די אויבערפלעכע [פון וואסער]; בעאונרוהיגען, אויפרעגען; קרייזלען, גאפרירען; טומלען, שטורמען, מאכען ליארם; דאקוטשען; לייכט קלאפען אין א פויק [אלס סיגנאל פון טרעוואגע]; א קרויז, א פאלב; אונרוה, אויפרעגונג; א לייכטעס פויקען, דאס באראבאנען.

ruf'flement *n.* (ראפ'ל-מענט) קרויזונג.

ruf'fle one's feath'ers (ראפל הוואנז פעטה'-ערז) אריינבריינגען איינעם אין כעס; ווערען אויפגערעגט.

ruf'fle one's plu'mage (ראפל הוואנז פלוה'-מעדזש) ז. *ruffle one's feathers*

ruf'fler *n.* (ראפ'-לער) א מאשין צו מאכען פאלדען אדער קרויזען [ווי אין צייג]; א סקאנדאליסט.

ruf'fle up (ראפל אפ) אויפרעגען.

ruf'fling *n.* (ראפ'-לינג) קרויזען פון צייג.

ruf'fy-tuf'fy *a. and adv.* (ראפ'-אי-טאפ'-אי) צומישט, ניט אין ארדנונג; אין א מיש=מאש.

ru'fous *a.* (רוה'-פאס) טונקעל=רויט, געלב=רויט, ברוין=רויט, ראסט=פארב.

rug *n.* (ראג) א דיקע דעקע פון גראבען וואלענעם שטאף; א בעט=דעקע; א טעפיך, א קאוויאר; א פערד=דעקע; א הונד וואס איז בעוואקסען מיט דיקע און לאנגע האר; א מין שטארקער שנאפס; א האסטיגער ציה אדער שלעפ.

ru'ga *n.* (רוה'-גא) א קנייטש, א פאלב.

ru'gate *a.* (רוה'-גייט) געקנייטשט, געפאלבט.

rug'ged *a.* (ראג'-עד) האריג, שארסטקע, בארשטיג; שארסטיג, ניט גלאט, ניט גראד; געקנייטשט, צוזאמענגעשרומפען; אונרוהיג; אונבעקוועם פאר'ן אויער, סקריפענד, קראצענד; רויה, גראב; אונוויסענד; ווילד, אויפגעבראכט; פערעקשנ'ט; שטורמיש [וועגען וועטער]; שטארק, געזונד.

rug'gedly *adv.* (ראג'-עד-לי) אויף א רויהען אדער גראבען שטייגער; שארסטיג.

rug'gedness *n.* (ראג'-עד-נעס) ניט=גראדקייט, ניט=גלאטקייט, שארסטיגקייט; רויהקייט, גראבקייט.

rug'ging *n.* (ראג'-אינג) דיקעס, האריגעס געוואנד פאר דעקען, פערד=דעקען, קאווייארען א. ז. וו.

rug'gy *a.* (ראג'-אי) ז. *rugged*

rug'-head'ed *a.* (ראג'-העד'-עד) מיט צושויבערטע האר.

ru'gine *n. and v.* (רוה'-דזשין) אזא פייל וואס ווערט בענוצט אין כירורגיע ארומצופיילען א ביין; פיילען מיט אזא כירורגישער פייל.

ru'gose *a.* (רוה'-גאוס) מיט קנייטשען, מיט פאלדען.

rugos'ity *n.* (רו-גאס'-אי-טי) צוקנייטשטקייט; א קנייטש.

ru'gous *a.* (רוה'-גאס) ז. *rugose*

ru'gulose *a.* (רוה'-גיו-לאוס) דריבנע אדער דין געקנייטשט אדער געפאלבט.

ru'in *v. and n.* (רוה'-אין) רואינירען, צושטערען, פערוויסטען, חרב מאכען; פערדארבען; געהן צו גרונד; א רואינע, א צושטערונג, א פערוויסטונג, א חרבן, אן אונטערגאנג.

ru'inable *a.* (רוה'-אינ-עבל) וואס קען רואינירט, צושטערט אדער פערוויסט ווערען.

ru'in-ag'ate *n.* (רוה'-אינ-עג'-אייט) א מין ברוינער אגאט [אזא עדעלשטיין].

ruina'tion *n.* (רוה-אי-ניי'-שאן) צושטערונג, פערוויסטונג; דאס חרב מאכען; רואינען, חורבות.

ru'iner *n.* (רוה'-אי-נער) א צושטערער, א פערוויסטער, א חרב=מאכער.

ru'ing *n.* (רוה'-אינג) תשובה, חרטה.

ru'iniform *a.* (רוה'-אי-ני-פארם) וואס זעהט אויס ווי רואינען, וואס זעהט אויס ווי א חורבה [וועגען געוויסע מינעראלען].

ru'inous *a.* (רוה'-אי-נאס) צופאלענד, צושטערענד, חרב ווערענד; פערניכטענד, חרב מאכענד; וואס בעשטעהט פון חורבות.

ru'inously *adv.* (רוה'-אי-נאס-לי) פערניכטענד, ברייננגענדיג צו צושטערונג.

ru'inousness *n.* (רוה'-אי-נאס-נעס) די צופאלונג; די פערדערבליכקייט; דאס זיין חרב אדער פערוויסט.

ru'ins *n.* (רוה'-אינז) רואינען, חורבות, דאס וואס עס פערבלייבט נאך א פערוויסטונג אדער צושטערונג.

Ruins

rule *n. and v.* (רוהל) די הערשענדע מאכט, די רעגיערונג, געוועלטיגקייט; די נארמע, די ריכט=שנור, די מעטאדע פון פרינציפ אדער האנדלונג; א פעראָרדנונג, א פארשריפט; א תקנה; אין גראמאטיק אדער אריפמעטיק—א רעגעל, א כלל; די אנגענומענע אדער געוועהנליכע מעטאדע פון האנדלונג, פון אויפפיהרונג א. ד. ג.; אין יוריספרודענץ — א פארמאלע פעראָרדנונג אדער בעשטימונג פון געריכט; א לינעאל, א ווירע; א מאסשטאב אדער מעסט=שטעקען; אין דרוקעריי — א ליניע, א מעטאלענע פלאטע וואס שטעלט זיך אריין אין שריפט און אויף וועלכער עס דרוקט זיך אב א ליניע; רעגעלען, איינארדנען; פערוואלטען; לייטען, פיהרען; אין יוריספרודענץ — פעסטזעצען, געריכטליך ענטשיידען וועגען עפעס; ליניערען, מאכען ווירעס; בעשטימען דורך ליניעס, אויסמעסטען; הערשען, רעגיערען; אין קאמערץ — האלטען אויף א געוויסער הויך [ווי די פרייזען אויף סחורות].

rule'-case *n.* (רוהל'-קיים) א קאסטען, וואו מען האלט אין דרוקערייען די פלאטען, מיט דער הילף פון וועלכע מען דרוקט ליניען.

rule'-cut'ter *n.* (רוהל'-קאט'-ער) אין דרוקעריי — א מאשין צו שניידען די פלאטען, מיט דער הילף פון וועלכע מען דרוקט ליניען.

ruled pa'per (רוהלד פיי'-פער) געליניערטעס פאפיער.

rule'-drill'er *n.* (רוהל'-דריל'-ער) א לעהרער וואס קלאפט בלויז אריין די שילער אין קאפ די נויטיגע זאכען, ניט ערקלערענדיג זיי דעם זין דערפון.

rule'-joint *n.* (רוהל' - דזשאינט) א פערבינדונגס-געלענק ווי עס ווערט געמאכט ביי א צונויפגעלעגטען צאל=שטאק אדער אנדער לינעאר-מאס.



Rule-joint

rule'less *a.* (רוהל'-לעס) אהן א רעגעל, אהן געזעץ.

rule'lessness *n.* (רוהל'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א רעגעל אדער אהן געזעץ; רעגעללאזיגקייט, געזעצלאזיגקייט.

rule of the road (רוהל אוו טהי ראוד) די אנגענומענע רעגעלען ווי צו האלטען זיך, ווען צוויי רייטער אדער פאהרער בעגעגענען זיך אויף א וועג [ווי למשל די רעגעל, אז ביידע זאלען זיך האלטען רעכטס פון צענטער פון וועג].

rule of three (רוהל אוו טהריע) אין אריפמעטיק — רעגעל=דע=טרי [א מעטאדע אויסצוגעפינען א פיערטע צאהל אין אן אריפמעטישער פראבלעם, ווען דריי צאהלען זיינען אנגעגעבען, ווי למשל: 20 ארבייטער האבען אויפגעבויט א הויז אין 30 טעג. וויפיעל ארבייטער פאדערט זיך אום אויפצובויפען אזא הויז אין 10 טעג?].

rule of thumb (רוהל אוו טהאם) א מעטאדע צו טהאן עפעס אויף א פרימיטיווען איינפאך=פראקטישען שטייגער [ווי למשל מאכען א זאך, מעסטענדיג אויף'ן אויג און ניט גענוי אויסרעכנענדיג].

rule o'ver (רוהל או'-ווער) הערשען, רעגיערען איבער אימעצען.

ru'ler *n.* (רוה'-לער) א רעגיערער, א געוועלטיגער; א לינעאל, א ווירע.

rule the roast (רוהל טהי ראוסט) הערשען, געוועלטיגען, קאנטראלירען.

rule'-work *n.* (רוהל'-הוואירק) אין דרוקעריי — א זאץ וואו עס זיינען פאראן פיעל ליניען [ווי ביים צוזאמענשטעלען א טאבעלע].

ru'ling *n. and a.* (רוה'-לינג) א בעשטימונג אדער בעשלוס וואס א ריכטער גיט ארויס וועגען א פראגע וואס הויבט זיך אויף בעת א געריכטס=פראצעס; דאס מאכען ליניעס; געוועלטיגענד, הערשענד.

ru'ling-machine' *n.* (רוה'-לינג-מע-שין') א ליניער=מאשין [א מאשין צו מאכען ליניעס].

ru'ling of the chair (רוה'-לינג אוו טהי טשעהר) דער בעשלוס פון פארזיצענדען.

ru'ling-pen *n.* (רוה'-לינג-פען) א רייס-פעדער [צום צייכענען ליניעס].



Ruling-pen

rul'lion *n.* (ראל'-יאן) א שוך געמאכט פון ניט געגארבטע פעל.

rum *a. and n.* (ראם) זאנדערבאר, זעלטען, מאדנע; גוט, פיין; א מאדנער מענש; א מאדנע זאך; ראם [א מין שנאפס].

Ruma'nian *a. and n.* (רוה-מיי'-ני-ען) רומעניש, וואלאכיש [וואלכיש, מאלדאוויש]; וואס איז שייך צו רומעניען; א רומעניער; די רומענישע שפראך.

rumb *n.* (ראמב) ז. *rhumb*.

rum'ble *v. and n.* (ראמבל) ראלען, ברילען, שאלען [פון דונער]; בעוועגען עפעס מיט א דונערענדען, שאלענדען טאן; ארויסרופען א ברומען אדער שאלען; דאס ראלען, דאס שאלען [ווי פון א דונער]; א רונדער, זיך=אומדרעהענדער צילינדער, אין וועלכען עס ווערען אריינגעלעגט זאכען זיי זאלען זיך רייבען איינע אן דער אנדערער; דער הינטער=זיץ פון א קארעטע פאר א לאקיי.

rum'bler *n.* (ראמ'-בלער) א ווארטשון, א ברומער; איינער וואס מאכט אן טומעל.

rum'ble-tum'ble *n.* (ראמ'בל-טאמ'בל) דער הינטער=זיץ פון א קארעטע פאר'ן לאקיי.

rum'bling *n.* (ראמ'-בלינג) דאס מאכען א טומעל; דאס ווארטשען, דאס ברומען.

rum'-blos'som *n.* (ראמ'-בלאס'-אם) א פרישטשיק אויף דער נאז וואס בעקומט זיך פון פיעל טרינקען.

rumbooze' *n.* (ראמ-בוהז') אן אלקאהאלישער געטראנק [הויפטזעכליך א געמישטער].

rumbow'line *n.* (ראמ-באו'-לין) ז. *rombowline*.

rumbow'ling *n.* (ראמ-באו'-לינג) גראג, א געטראנק פון ראם מיט וואסער [ביי מאטראזען].

rum'-bud *n.* (ראמ'-באד) ז. *rum-blossom*.

rumbul'lion *n.* (ראמ-באל'-יאן) א מין שטארקער שנאפס.

rum'-cher'ry *n.* (ראמ'-טשער'-אי) דער אמעריקאנישער ווילדער שווארצער קארשען=בוים. ז. *black cherry*.

ru'men *n.* (רוה'-מען) דער ערשטער מאגען פון חיות וואס זיינען מעלה=גרה.

rumfus'tian *n.* (ראמ-פאס'-טשיען) א הייסער געטראנק וואס ווערט געמאכט פון אייער, ביער, שנאפס, וויין, צוקער א. ז. וו.

ru'mina *n.* (רוה'-מי-נא) די ערשטע מאגענס פון חיות וואס זיינען מעלה=גרה. ז. *rumen*.

ru'minant *a. and n.* (רוה'-מי-נענט) וואס איז מעלה גרה; וואס האט דעם כאראקטער פון א מעלה גרה'דיגער בהמה; רוהיג, מיושב'דיג, אריינגעטראכט אין עפעס; א מעלה גרה'דיגע בהמה.

Ruminan'tia *n.* (רוה-מי-נענ'-שי-א) דער מין בהמות, וואס זיינען מעלה גרה.

ru'minate *v. and a.* (רוה'-מי-נייט) איבערקייען, מעלה גרה זיין; נאכדענקען, איבערדענקען, זיך גוט איבערלעגען; וואס זעהט אויס ווי צוקייעט [וועגען פלאנצען-זאמען].

rumina'tion *n.* (רוה-מי-ניי'-שאן) דאס מעלה גרה זיין; די נאכדענקונג.

ru'minative *a.* (רוה'-מי-ניי-טיוו) וואס איז מעלה גרה; נאכגעטראכט; איבערגעקלערט.

ru'minator *n.* (רוה'-מי-ניי-טאר) איינער וואס דענקט נאך פיעל וועגען א געגענשטאנד.

rum'mage *n. and v.* (ראמ'-עדזש) דאס דורכזוכען, דאס שארען, דאס צושארען; דורכזוכען, צושארען, אויסריהען; צומישען, צובויטשען; אויסגעפינען.

rum'mager *n.* (ראמ'-עדזש-ער) איינער

וואס זוכט דורך; איינער וואס צושארט אדער צוריהעט.

rum'mer *n.* (ראמ'-ער) א טרינק=גלאז, א טרינק=בעכער.

rum'my *a. and n.* (ראמ'-אי) וואס איז שייך צו ראם; געמאכט פון ראם; זאנ=דערבאר, מאדנע; א שכור.

ru'mor *n. and v.* (רוה'-מאר) א קלאנג, א סלוך, א גערעד; רוהם; צייטווייליגע בעריהמטקייט; ארויסלאזען א קלאנג אדער סלוך.

rump *n.* (ראמפ) דער הינטער=חלק, דער געזעס, דער אחור, דער זאדיק; דער רעשט אדער דער בראק פון עפעס.

rump'-bone *n.* (ראמפ'-באון) דער שוים=ביין, דער שאמביין [דער ביין פון דעם ווירבעל וואס פעראייניגט זיך מיט די בעקען=ביינער].

rum'ple *v. and n.* (ראמפל) צודריקען, צוקנייטשען; א קנייטש, א פאלד.

rump'less *a.* (ראמפ'-לעס) וואס האט ניט קיין עק [ביי פויגלען].

rump of beef (ראמפ אוו ביעף) דער זאדיק [הינטער=חלק] פון אן אקס.

rump'-steak *n.* (ראמפ'-סטייק) א ביפ=שטעקס פון פלייש וואס ווערט אויסגע=שניטען פון זאדיק [הינטער=חלק].

rum'pus *n.* (ראמ'-פאס) א גרויסער טומעל, א גרויסע מישענינע.

rum'-shrub *n.* (ראמ'-שראב) א גע=טראנק פון ראם, צוקער און געווירצען.

rum'-suck'er *n.* (ראמ'-סאק'-ער) א שכור.

rum'swizzle *n.* (ראמ'-סהוויזל) א וואלענער שטאף וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער [ווערט פאבריצירט אין אירלאנד].

run *v. and n.* (ראן) לויפען, גע=שווינד בעוועגען זיך, איילען, פליהען; די "לויפען" פאר אן אמט, ארויסשטעלען די קאנדידאטור; ארומפאהרען פון ארט צו ארט, רייזען; פליסען, רינען; זיך שמעל=צען, זיך צוגיסען, צוגעהן; זיין אין בע=וועגונג, ארבייטען [ווי א מאשין]; צי=העז זיך אין דער לענג [ווי א וועג]; ארויסוואקסען, ענטוויקלען זיך אין פרא=צעס פון וואקסונג; ארונטערגעהן, ארונ=טערפאלען; פערבייגעהן, פערגעהן [ווי די צייט]; דורכלויפען מיט'ן בליק, אי=בערקוקען [א בוך, אן ארטיקעל]; נאכ=דענקען, האלטען אין טראכטען איבער א געוויסען געגענשטאנד; נייגען, ריכטען, אנווענדען, צואווענדען; זיך אויפהאלטען, זיין פארגעשטעלט פיעל מאל [ווי א טע=אטער=שטיק]; ווירקען, זיין אין מאכט [ווי א געזעץ אדער א תקנה]; פעראור=זאכען אן אויסשאס אדער ארויספליה; זיך אויפהויבען ביז א געוויסער הויך, דערגרייכען; זיך פערשפרייטען [ווי א קלאנג, א סלוך]; זיין מיטעלמעסיג אדער דורכשניטליך, זיין ווי דאס געוועהנליכע; מאכען א געלאף אויף א באנק [מאכען אז די דעפאזיטאהרען אדער בעלי=איינלע=גער זאלען מאסענווייז קומען פארערען זייער געלד]; זיין אין צירקולאציאן [ווי געלד, מטבעות]; אין מוזיק — שפיעלען א רולאדע [א שנעלע פאלגערונג פון טע=נער]; לאזען אורין, משתין זיין; לאזען לויפען [ווי א פערד]; אריינשלאגען, ארייג=קלאפען [ווי א טשוואק]; טרייבען, צווינגען; געטריבען ווערען, זיין בענויט צו עפעס; יאגען, געהן אין געיעג; אויפ=פיהרען, פארשטעלען עטליכע מאל [ווי א טעאטער=שטיק]; בעשטימען די ליניע אדער ריכטונג [ווי פון א גרענעץ]; דורכגעהן אדער דורכברעכען [א שטערונג אדער אן אבהאלט]; ארויסלאזען, ארויס=ווארפען, אויסשיסען; אויספליסען, אויס=שטרעמען; צוציהען אדער ארויפציהען אויף זיך, ארויפברייגגען אויף זיך [אן אונאנגענעהמליכקייט, א צרה]; נעהען מיט א לאנגער נאהט; שמעלצען און גיסען [אין א פורעם]; בריינגען אין בעוועגונג, מא=כען צו ארבייטען [א מאשין]; בעטריי=בען [א געשעפט]; אנפיהרען [א קאנ=טאר, א קאנצעלאריע]; נאכפאלגען עפעס אין געדאנק, בעטראכטען; דאס לויפען, דער לויף, דער גאנג; דאס ארבייטען [פון א מאשין]; דאס בעטרייבען [א געשעפט, אן אונטערנעהמונג]; א גאנג, א נסיעה, א שפאציער; דאס פליסען, דאס שטרעמען; די פאלגערונג פון עפעס; דאס אויסהאלטען אדער די דויער=צייט [פון א פארשטעלונג, פון א פאסירונג, פון פא=פולאריטעט]; דער פרייער בענוץ פון עפעס [ווי פון א פארק, א גארטען]; א געלאף אויף א באנק [א געלאף פון די דעפאזיטארען צו בעקומען זייער געלד]; אן ארט וואו בהמות ווערען צונויפגע=טריבען אדער געהען דורך; א דורכגאנג; דער מאסען=גאנג פון פיש צום ארט וואו זיי ווארפען אב די איקרע; די מאסע פיש אין דיעזען גאנג; דאס קענען לויפען; דאס דורכשניטליכע, דאס געוועהנליכע; א פאר מיהל=שטיינער; דאס ארט פון אונ=טערשטען דעק פון א שיף וואו ער הויבט אן זיך צו פעררונדען און פערבויגען ארויף; דער שטח פון א לאנד; די אויס=דעהנונג; די ריכטונג; אין מוזיק — א רולאדע, א שנעלע פאלגערונג פון טענער.

run'about *n.* (ראנ'-ע-באוט) א פוסט=און פאסניק; א וואגאבונד; אן ארומלוי=פערקע; א לייכטער אפענער וועגעל.

run about' (ראן ע-באוט') ארומלויפען.

run across' (ראן ע-קראהס') טרעפען זיך מיט אימעצען, צופעליג בעגעגענען זיך.

run a ditch (ראן ע דיטש) ציהען א גראבען.

run af'ter (ראן עפ'-טער) יאגען זיך נאכ עפעס [ווי נאך כבוד, נאך פאפולא=ריטעט]; אימעצען נאכלויפען.

run against' (ראן ע-גענפט') קומען אין צוזאמענשטויס מיט אימעצען אדער עפעס; טרעפען זיך מיט אימעצען; זיין אונגינסטיג צו עפעס.

run'agate *a. and n.* (ראנ'-ע-גייט) אבטריניג, גע'שמד'ט; וואנדערענד; ארומ=לויפענד; א רענעגאט, א משומד, אן אב=טריניגער; אן אוועקגעלאפענער, א דע=זערטיר; אן ארומלויפער, א וואנדערער.

run aground' (ראן ע-גראונד') זינקען, אונטערגעהן, צו גרונד געהן; זיך אוועק=זעצען אויף'ן גרונד.

run a guard (ראן ע גארד) פערבייגעהן א וואך אונבעמערקטערהייד.

run ahead' of one's reck'oning (ראן ע-העד' אוו הוואנז רעק'נ-אינג) לעבען איבער די מיטלען.

run a match (ראן ע מעטש) זיך פער=וועטען אין לויפען.

run amuck' (ראן ע-מאק') אנפאלען אויף אלץ און אויף יעדען מיט א ווילדער בייזקייט; ווילד אומלויפען; טהאן עפעס אויף א ווילדען, ריזיקאלישען שטייגער אהן איבערלעגונג.

run a rig (ראן ע ריג) אבטהאן א שטוקע.

run a risk (ראן ע ריסק) אונטערנעה=מען א ריזיקאלישע זאך, זיין אין ריזיקע.

run at (ראן עט) אנפאלען אדער פלוצלונג אטאקירען.

run'away *n. and a.* (ראנ'-ע-הוויי) אן אוועקגעלאפענער, א דעזערטיר; דאס אוועקלויפען; איינער וואס בראדזשעט אדער טרייבט זיך ארום; אוועקלויפענד, אנטלויפענד.

run away' with (ראן ע-הוויי' הוויטה) שנעל אבטראגען זיך; אנטלויפען מיט עפעס אדער אימעצען; אוועקטראגען צו ווייט, פערפליהען אין דער אונענדליכקייט.

run awry' (ראן ע-ראי') ווערען שלעכט; פערדארבען ווערען; אראבגעהן פון דרך הישר.

run before' (ראן בי-פאור') אנטלוי=פען [ווי פון שונא]; אריבעריאגען; אריבערשטייגען.

run by (ראן באי) פערביילויפען.

run coun'ter (ראן קאונ'-טער) זיין צוואווידער; געהן להיפוך.

run deep (ראן דיעפ) שווימען טיעף אונטער'ן וואסער.

run'dle *n.* (ראנדל) א גראבען פול מיט וואסער; א קריי=ז=פערמיגע זאך; א טרעפ פון א לייטער.

rund'let *n.* (ראנד'-לעט) א פעסעלע, א קליין פעסעל.

run down (ראן דאון) אויסגעהן, אבשטע=לען זיך [ווי א זייגער]; ווערען אויס=גענעהרט אדער אבגעשוואכט; מנצח זיין, בעזיעגען; אראבזעצען פון ווערטה; אונ=טערשעצען; זינקען [פון א שיף ביים אנשטויסען זיך אן אן אנדער שיף].

run down a coast (ראן דאון ע קאוסט) שווימען פארביי דעם ברעג [ווע=גען א שיף].

run dry (ראן דראי) ווערען טרוקען, זיך אויסשעפען.

rune *n.* (רוהן) א רונע, א בוכשטאב פון דעם אלט=גערמאנישען אדער סקאנדינאווי=שען אלפאבעט; א מיסטישעס שפריכווארט פון די אלט=סקאנדינאווישע חכמים; א געהיימניס, א סתרי תורה.

rune'craft *n.* (רוהנ'-קרעפט) קענטניס פון דער אלט=גערמאנישער אדער סקאנדי=נאווישער שריפט. ז. ***rune***

run for (ראן פאר) לויפען נאך עפעס; זוכען; זיין א קאנדידאט אויף...

rung (ראנג) געקלונגען. ז. ***ring***

rung *n.* (ראנג) 1. א שטאנג; 2. א טרעפ [פון א לייטער]; א שטופע.

2. He reached the highest **rung** on the ladder of success.

run hard (ראן הארד) שטארק יאגען זיך.

ru'nic *a. and n.* (רוה'-ניק) רוניש, אלט=סקאנדינאוויש; אזא דרוק=שריפט.

ru'nic char'acters (רוה'-ניק קער'-עק-טערז) ז. ***runic letters***

ru'nic let'ters (רוה'-ניק לעט'-ערז) רונישע בוכשטאבען, דער פארצייטיגער סקאנדינאווישער אלפאבעט.



Runic Letters

run i'dle (ראן אידל) לעער לויפען [וועגען טיילען פון א מאשין, וועלכע בע=וועגען זיך און לייסטען ניט קיין ארבייט].

run in (ראן אין) אין דרוקעריי — פארט=זעצען אין דערזעלביגער שורה, ניט אנ=

הויבענדיג פון א נייעם אבזאץ; פערנעהמען א קלענערען פלאץ אין שריפט איידער מען האט גערעכענט פריהער [וועגען קאפיע אדער מאנוסקריפט]; אריינזעצען אין טורמע.

run in debt (ראן אין דעט) אריינפאלען אין חובות; מאכען חובות.

run in the blood (ראן אין טהי בלאד) איינגעבארען זיין, זיין א געירש'ענטע אייגענשאפט, זיין א פאמיליען=אייגענשאפט אדער א ראסען=אייגענשאפט.

He is widely known for his hospitality. It runs in his blood.

run in'to (ראן אינ'-טו) לויפען אנטקעגען; זיך צוזאמענשטויסען.

run in'to dan'ger (ראן אינ'-טו דיינ'-דזשער) אריינפאלען אין געפאהר.

run in'to debt (ראן אינ'-טו דעט) אריינקריכען אין חובות.

run in'to the ground (ראן אינ'-טו טהי גראונד) דערגעהן ביז צו עקסטרעם; איבערטרייבען, אריבערכאפען די מאס.

run in with (ראן אין הוויטה) זיך צונויפגעהן, איבעראיינשטימען.

run'let *n.* (ראנ'-לעט) א קליין טייכעל אדער שטראם.

run like split (ראן לאיק ספליט) לויפען זעהר שנעל.

run low (ראן לאו) זיין צו ענדע, אויסגעהן.

run mad (ראן מעד) משוגע ווערען, ווילד ווערען.

run'nel *n.* (ראנ'-על) א קליין טייכעל.

run'ner *n.* (ראנ'-ער) א לויפער; א לויף=פערד, א פערד וואס לויפט אין א וועט=לויף; אן וועטלויפער, אן אנטלאפענער; א דעזערטיר; א קאנטראבאנדיסט; א מאשיניסט, איינער וואס בעטרייבט א מאשין; א פליסענדער שטראם; א שליח, א קוריער; א קונדען=זוכער [פאר אן אייזענבאהן, פאר א האטעל א. ד. ג.]; א האנדעלס=רייזענדער; אין ענגלאנד — א געהילף פון א שעריף, א געהיים=פאליציסט; דער טייל פון א זאך דורך וועלכען זי גליטשט זיך [ווי די שינעס פון א שליטען]; דער אויבערשטער בעוועגליכער שטיין פון א פאר מיהל=שטיינער; דער רינג, דורך וועלכען א שטריק אדער אן אנדער זאך גליטשט זיך ארויף און אראב; אין א סיסטעם פון ראלען אדער בלאקען [ז. *pulley*] — א בעוועגליכע ראלע [צום אונטערשייד פון א ראלע, וואס איז צו עפעס צוגעפעסטיגט]; א דיקער שטריק וואס ציהט זיך פון איין ראלע און געהט דורך אן אנדערער; אין באטאניק — א דין שטענגעל וואס ציהט זיך איבער דער ערד פון ווארצעל און לאזט פון זיך ארויס ביים ענד בלעטלעך און ווארצלען.

run'ning *n. and a.* (ראנ'-אינג) דאס לויפען; דאס ריזיקירען; די פעהיגקייט צו לויפען; דאס וואס פליסט אדער שטראמט; די ריכטונג פון עפעס, וואס פליסט אדער שטראמט; לויפענד; וואס איז צוגעפאסט צום לויפען; וואס איז געמאכט שנעל, האסטיג [ווי קורסיוו=שריפט]; אין שטענדיגער פאלגערונג, אהן איבעררייסונג; נאכאנאנד, כסדר.

run'ning account' (ראנ'-אינג ע-קאונט') א לויפענדע רעכנונג [אין בוכהאנדלונג].

run'ning fight (ראנ'-אינג פאיט) א געפעכט וואס ווערט אנגעהאלטען צווישען דעם אנטלויפענדען און נאכלויפענדען צד.

run'ning fire (ראנ'-אינג פאיר) אין מיליטער — דאס שיסען מיט א רייה זאלפען איינער נאך'ן אנדערען.

run'ning hand (ראנ'-אינג הענד) א געלויפיגע האנדשריפט, קורסיוו.

run'ning horse (ראנ'-אינג האהרס) א וועט=לויף=פערד.

run'ning lights (ראנ'-אינג לאיטס) די ליכט וואס ווערען אויפגעהאנגען אויף א שיף פון זונען=אונטערגאנג ביז זונען=אויפגאנג.

run'ningly *adv.* (ראנ'-אינג-לי) לויפענדיג; אהן איבעררייסונג, אהן אונטערברעכונג.

run'ning match (ראנ'-אינג מעטש) א וועט=לויף.

run'ning pat'terer (ראנ'-אינג פעט'-ער-ער) אן אויסשרייער און פערקויפער פון אלטווארג, ביליגע ביכער, צייטונגען א. ד. ג.

run'ning sore (ראנ'-אינג סאור) א וואונד פון וועלכער עס פליסט אייטער [פלאגמע].

run'ning sta'tioner (ראנ'-אינג סטיי'-שאנ-ער) ז. ***running patterer.***

run'ning-trap *n.* (ראנ'-אינג-טרעפ) א טייל פון א רעהר וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון א *U*. זייענדיג שטענדיג פול מיט וואסער, דערלאזט עס ניט די גאזען און שלעכטע ריחות צו געהן צוריק דורך דער רעהר.

run off (ראן אף) 1. מאכען עס זאל ארויספליסען [ווי צושמאלצענער מעטאל]; 2. אין טעאטער — צונעהמען, אוועקשלעפען [די דעקאראציאן פון דער סצענע]; 3. אין דרוקעריי — אבדרוקען א געוויסע צאהל עקזעמפלארען; 4. איבערזאגען, איבערצעהלען.

3. This press will **run off** ten thousand copies every hour. 4. He **ran off** the figures from memory.

run'-off *n.* (ראנ'-אף) די מאסע רעגען=וואסער, וואס ווערט ניט אויסגעדאמפפט אדער איינגעזייגען אין דער ערד, נאר רינט אב אין סאזשעלקעס און טייכען.

run off with (ראן אף הוויטה) ז. ***run away with.***

run of stones (ראן אוו סטאונז) א פאר מיהל=שטיינער.

runol'ogy *n.* (רו-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די רונען אדער אלט=סקאנדינאווישע שריפטען.

run on (ראן אן) פארטזעצען, געהן ווייטער; אין דרוקעריי — זעצען אין דערזעלביגער שורה, ניט אנהויבענדיג פון א נייעם אבזאץ; לאכען, זיך לוסטיג מאכען; אין טעאטער — בריינגען די דעקאראציאנען אויף דער סצענע; לאזען אין בעוועגונג א מאשין.

run one's face (ראן הוואנז פיים) נושא חן זיין אדער בעקומען קרעדיט אהן קיינעמס רעקאמענדאציאן, נאר דורך מוטה אדער עזות.

run on shore (ראן אן שאור) ארויפלויפען אדער ארויפטרייבען אויף דער יבשה [וועגען א שיף].

run out (ראן אוט) 1. אויסלויפען, אויסגעהן; 2. קומען צו א סוף, ענדיגען זיך; זיך אויסנעהמען; 3. פעראראעמט ווערען פון אויסבריינגעריי; אין דרוקעריי — פערנעהמען א גרעסערען פלאץ אין שריפט ווי מען האט אויסגערעכענט [וועגען מאנוסקריפט]; ארויסיאגען, ארויסטרייבען.

2. His money will soon **run out.**

run out of (ראן אוט אוו) אויסגעצעהרט ווערען, זיך אויסלעדיגען פון עפעס [ווי פון געלד]; פטר'ען דאס לעצטע ביסעל.

run o'ver (ראן או'-ווער) איבערלויפען, איבערפליסען; געשווינד אריבערגעהן עפעס; איבערפאהרען עפעס אדער אימעצען; דורכלויפען אדער דורכקוקען; שנעל פארביילויפען נאך אמאל.

run ri'ot (ראן ראי'-אט) ווילד ווערען, ניט האבען קיין אבהאלט; זיין ניט איינגעהאלטען.

run rus'ty (ראן ראס'-טי) זיך פערעקשנ'ען, זיך ניט וועלען אונטערווארפען; זיך אנטקעגען שטעלען.

run short (ראן שאהרט) צו קורץ קומען, אויסגעהן.

runt *n.* (ראנט) א דקה, קליין=פיה; א קעלבעל; א קליין=געוויקסיגעס טהיער; א קארליק, א קליין מענשעלע.

run the gant'let (ראן טהי גענט'-לעט) לויפען דורך'ן טשערינג [א מיליטערישע שטראף, ביי וועלכער א האלב=נאקעטער סאלדאט פלעגט דארפען דורכלויפען דורך צוויי שערענגעם סאלדאטען, וועלכע פלעגען איהם שמייסען מיט ריטער].

run the risk (ראן טהי ריסק) ריזיקירען.

run the stage (ראן טהי סטיידזש) צוגרייטען די גאנצע דעקאראציאן אויף דער סצענע פון א טעאטער איידער עס פאנגט זיך אן די פארשטעלונג.

run through (ראן טהרוה) שנעל אויסבריינגען, שנעל פטר'ען.

He soon **ran through** his fortune.

run to earth (ראן טו אוירטה) אין נעיען — דעריאגען א חיה ביז איהר לאך אדער נארע.

run togeth'er (ראן טו-געטה'-ער) אויסמישען זיך, זיין אין א געמיש [ווי פערשיעדענע מעטאלען, פון וועלכע עס ווערט געמאכט איין כלי]; בעהעפטען צוויי בעזונדערע שטיקער [ווי ביים נעהען]; צוזאמענלויפען.

run to seed (ראן טו סיעד) שנעל אויסבראצען און אויסוואקסען אין קערנער; שנעל אויסגעטריקענט ווערען, פערלירען די כחות.

run to wreck (ראן טו רעק) צו גרונד געהן.

run up (ראן אפ) זיך הויבען, וואקסען, פערגרעסערט ווערען, אויפשטייגען; זיך צונויפציהען, צונויפקארטשען [ווי א נאסעם טוך]; איבערצעהלען שנעל פון אונטען ארויף, ווי א זייל אדער רובריק פון צאהלען; זיך אויפהויבען, זיך פערגרעסערען; שנעל עפעס פערריכטען; שנעל עפעס אויפבויען.

run upon' (ראן א-פאן') אויסלאכען, מאכען שפאס פון איינעם.

run'way *n.* (ראנ'-הוויי) א וועג איבער וואס עפעס לויפט אדער פליסט [ווי דער גראבען פון א טייך]; א וועג אדער שטעגעלע, איבער וועלכען עס געהען חיות.

run well (ראן הוועל) האבען ערפאלג.

run wild (ראן הוואילד) ווילד ווערען.

The children **run wild** during recess.

rupee' *n.* (רו-פיע') די רופיע [אן אינדישע זילבערנע מטבע פון אן ערך 48 אמעריקאנער סענט].

rup'tion *n.* (ראפ'-שאן) א ברוך, אן עפענונג [דורך אויפפלאצען].

rup'ture *n. and v.* (ראפ'-טשור) אויפברעכונג, פאנאנדערפלאצונג; א ברוך; א קילע; אן אויסברוך פון פיינדליכקייט; א מחלוקה, א קריעג; אויפברעכען; פלאצען; פעראורזאכען א ברוך; מאכען א

קילע; פלאצען אדער זיך עפענען אונרעגעלמעסיג [ווענען געוויסע פרוכטען].

rup'turewort *n.* (ראפ'-טשור-הוואירט) ברוך=גראז [אזא גראז=פלאנצע וואס פלעגט פארצייטען געברויכט ווערען אלס מיטעל צו א ברוך אדער קילע].

ru'ral *a.* (רוה'-רעל) דארפיש; אגריקולטורעל; וואס איז שייך צו ערד=ארבייט.

ru'ralise *v.* (רוה'-רעל-איז) ז. *ruralize*

ru'ralism *n.* (רוה'-רעל-איזם) דארפישקייט, דארפישעם לעבען, דארפישע מנהגים. א דארפישער שפראך=אויסדרוק.

ru'ralist *n.* (רוה'-רעל-איסט) א דארפס=איינוואהנער, א לאנד=איינוואהנער.

rural'ity *n.* (רו-רעל'-אי-טי) דארפישקייט, דאס זיין דארפיש; דאס דארפישע לעבען.

ru'ralize *v.* (רוה'-רעל-איז) לעבען אין דארף, פיהרען א דארפיש לעבען; צוגעבען א דארפישען כאראקטער אדער אויסזעהן.

ru'rally *adv.* (רוה'-רעל-אי) אויף'ן דארפישען שטייגער, ווי אין א דארף.

ru'ralness *n.* (רוה'-רעל-נעס) דארפישקייט, דאס זיין דארפיש.

ru'sa *n.* (רוה'-סא) א מין אסט=אינדישער הירש מיט פערצווייגטע הערנער; דאס לעמאן=גראז אדער אינגבער=גראז [אזא פלאנצע וואס גיט ארויס א מין אויל].

ruse *n.* (רוהז) ליסטיגקייט, כיטראסט, א מאנעווער=פיסלעך; סטראטעגיק, א מאנעווער=הינטער=פיסלעך; סטראטעגיק, א מאנעווערע, אן אויפטהו אדער כיטראסט אין קריעג.

rush *n.* and *v.* (ראש) ראהר [טראסטניק, קאמיש, אטשערעט]: א קלייניגקייט, א ווערטהלאזע זאך; אייל, א שטופעניש, א שטירצען, א געלאף; א געדרענג, א נעטומעל; א שטארקע פאדערונג אויף עפעס; אין פוס=באל=שפיעל — דאס דורכשטופען זיך מיט'ן באל דורך די געגנער צו זייער ציעל; דאס דורכגעהן ערפאלגרייך אן עקזאמען; א מחנה פויגלען; זיך איילען, לויפען, שטירצען; טומלען, מאכען א נעדרענג, זיך שטופען; טהאן עפעס אהן איבערלעגונג און אין איילעניש; טרייבען, יאגען, שטופען; איילען; אין פוס=באל=שפיעל — שטרעבען צוצוקומען מיט'ן באל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-bot'tomed *a.* (ראש'-באט'-אמד) מיט א ראהר=זיץ [ווי א שטוהל, למשל]. The room was full of rush-bottomed furniture.

rush'-broom *n.* (ראש'-ברוהם) דער אויסטראלישער אדער שפאנישער בעזים=שטרויך [אזא אויסטראלישער אדער איירָאפעאישער קוסט מיט ראהר=עהנליכע צווייגען].

rush'-buck'ler *n.* (ראש'-באק'-לער) א ווילדער, צולאזענער יונג.

rush'-can'dle *n.* (ראש'-קענ'דל) א ראהר=ליכט [א שטיקעל ראהר אדער קאמיש בעדעקט מיט חלב].

rushed *a.* (ראשט) בעוואקסען מיט ראהר [קאמיש].

rush'er *n.* (ראש'-ער) איינער וואס איילט זיך אדער שטויסט זיך; אין פוס=באל שפיעל — איינער וואס האט די אויפגאבע דורכצושטויסען דעם באל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-grass *n.* (ראש'-גרעס) ראהר=גראז [אזא מין דיקעם גראז].

rush'-grown *a.* (ראש'-גראון) בעוואקסען מיט ראהר [קאמיש].

rush'-hold'er *n.* (ראש'-האולד'-ער) א לייכטער פאר ראהר=ליכט. ז. *rush-candle*

sale'work *n.* (סייל'-הווארק) ארבייט וואס ווערט געמאכט צום פערקויפען ; טאנדעט=ארבייט.

Sal'ic *a.* (סעל'-איק) סאליש, וואס איז שייך צום סאלישען געזעץ [אן אלט גע=

זעץ אין פראנקרייך, לויט וועלכע פרויען קענען ניט ירשנ'ען קיין לאנד=גוט און אויך די כסא המלוכה].

salica'ceous *a.* (סעל-אי-קיי'-שיאס) וואס איז שייך צו די ווײדען אדער ווערבעס.

salice'tum *n.* (סעל-אי-סי'-טאם) א פלאנטאציע פון ווײדען אדער ווערבעס [פאר וויסענשאפטליכע צוועקען].

sal'icin *n.* (סעל'-אי-סין) סאליצין, א כעמישער שטאף וואס געפינט זיך אין קארע פון ווײדען אדער ווערבעס.

salicyl'ic *a.* (סעל-אי-סיל'-איק) וואס איז שייך צו ווײדען אדער ווערבעס; וואס בעקומט זיך פון ווײדען אדער ווערבעס.

salicyl'ic ac'id (סעל-אי-סיל'-איק עס'-איד) א כעמישער שטאף וואס בעקומט זיך פון דער קארע פון ווײדען אדער ווערבעס און דיענט אין מעדיצין אלס אן אנטיסעפטישער מיטעל.

sa'lience *n.* (סיי'-לי-ענס) דאס ארויסשטארצען, דאס זיין ארויסגעשטארצט; אן ארויסשטארצונג.

sa'lient *a. and n.* (סיי'-לי-ענט) שפרינגענד; אבשטעהענד, אבגעשטאנען, בולט; אן ארויסשטארצונג.

sa'liently *adv.* (סיי'-לי-ענט-לי) אויף אן אבשטעהענדער ארט; ארויסשטארצענדיג; אבשפרינגענדיג.

salif'erous *a.* (סע-ליפ'-ע-ראס) אין געלאגיע — זאלציג, וואס גיט ארויס זאלץ [וועגען די זאלץ=שיכטען אין דער ערד].

sal'ifiable *a.* (סעל'-אי-פאי-עבל) זאלץ=מאכענד, זאלץ=ארויסגעבענד; וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין זאלץ.

salifica'tion *n.* (סעל-אי-פי-קיי'-שאן) די די זאלץ=בילדונג, די זאלץ=מאכונג; פערוואנדלונג אין זאלץ.

sal'ify *v.* (סעל'-אי-פאי) פערוואנדלען אין זאלץ, אויסבילדען א זאלץ.

sal'igot *n.* (סעל'-אי-גאט) די וואסער=נוס אדער וואסער=קאשטאניע [א מין וואסער=פלאנצע פון די ווארימע לענדער].

salim'etry *n.* (סע-לימ'-ע-טרי) ז. *salinometry*

sali'na *n.* (סע-לאי'-נא) א זאלץ=ווערק; א פלאץ וואו מען פראדוצירט אדער מען זאמעלט זאלץ.

salina'tion *n.* (סעל-אי-ניי'-שאן) דאס זאלץ=וואשען אדער דורכנעצען עפעס מיט זאלץ=וואסער.

saline' *a. and n.* (סע-לאין') זאלציג, געזאלצען; וואס איז שייך צו זאלץ; א זאלץ=קוואל; א זאלץ=גרוב.

saline'ness *n.* (סע-לאינ'-נעס) זאלציגקייט, דאס זיין געזאלצען, דאס ענטהאלטען זאלץ.

salinif'erous *a.* (סעל-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס ברייגנט ארויס זאלץ.

salin'iform *a.* (סע-לינ'-אי-פארם) זאלץ=פערמיג.

salin'ity *n.* (סע-לינ'-אי-טי) ז. *salineness*

salinom'eter *n.* (סעל-אי-נאמ'-ע-טער) אן אפאראט צו מעסטען וויפיעל זאלץ עס געפינט זיך אין א געוויסער פליסיגקייטס=מישונג.

salinom'etry *n.* (סעל-אי-נאמ'-ע-טרי) דאס אויסמעסטען וויפיעל זאלץ עס געפינט זיך אין א פליסיגקייטס=מישונג.

salinoterrene' *a.* (סע-לאי-נאו-טע-ריין') וואס איז געמישט פון זאלץ מיט ערד.

sali'va *n.* (סע-לאי'-ווא) שפייעכץ, סלונע.

sali'va-ejec'tor *n.* (סע-לאי'-ווא-אי-דזשעק'-טאר) ז. *saliva-pump*

sal'ivant *a. and n.* (סעל'-אי-וונט) וואס לאזט ארויס שפייעכץ; א מיטעל ארויסצורופען שפייעכץ.

sali'va-pump *n.* (סע-לאי'-ווא-פאמפ) אן אינסטרומענט ביי דענטיסטען ארויסצוציהען דאס שפייעכץ פון מויל.

sal'ivary *a.* (סעל'-אי-ווע-רי) וואס איז שייך צו שפייעכץ, וואס רופט ארויס שפייעכץ.

sal'ivary glands (סעל'-אי-ווע-רי גלענדז) שפייעכץ=דריזען.

sal'ivate *v.* (סעל'-אי-וויט) ארויסלאזען פיעל שפייעכץ, לאזען רינען סלונע.

saliva'tion *n.* (סעל-אי-וויי'-שאן) אן איבערפלוס פון שפייעכץ; דאס לאזען צופיעל שפייעכץ.

sali'vous *a.* (סע-לאי'-וואס) וואס איז שייך צו שפייעכץ; שפייעכץ=ארטיג.

Sa'lix *n.* (סיי'-ליקס) — אין באטאניק דער מין ווײדען אדער ווערבעס [אזעלכע בוימער].

Sallet

sal'let *n.* (סעל'-עט) א האלב=רונדער העלם אדער קאפפאנצער [פון 15טען יאהרהונדערט].

sal'low *n., a. and v.* (סעל'-או) א ווײדע אדער ווערבע [אזא בוים]; געלב, בלייך, בלאס, מיט א קראנקליכען אויסזעהן; פארבען מיט א געלבליכען קאליר.

sal'low-faced *a.* (סעל'-או-פייסט) מיט א בלאסען, געלבליכען אדער קרענקליכען געזיכט.

sal'lowish *a.* (סעל'-או-איש) עטוואס בלייך; בלאסליך.

sal'lowness *n.* (סעל'-או-נעס) בלייכקייט, בלאסקייט, געלקייט פון פנים.

sal'ly *n. and v.* (סעל'-אי) אין מיליטער — אן אויספאל [אן אטאקע פון די בעלאגערטע אויף די בעלאגערער]; אן אויספאהר, אן אויסגאנג; אין ארכיטעקטור — אן ארויסשטארצונג; אן אויסשוס אדער אויסברוך פון געפיהלען [ווי שמחה, כעס א. ד. ג.]; ארויסשפרינגען; מאכען אן אויספאל.

sal'ly-port *n.* (סעל'-אי-פאורט) א טויער אין א פעסטונג, דורך וועלכען די סאלדאטען מאכען אן אויספאל אויף דעם בעלאגערענדען שונא.

salmagun'di *n.* (סעל-מע-גאנ'-די) א מין געמישטעס געריכט; דאס וואס איז געמישט; א געמיש.

salm'on *n. and v.* (סעמ'-אן) לאקס [א פיש פון די צפון=געגענדען פון אייראפא, אזיען און אמעריקא. געפינט זיך אין ים און אויך אין פרישען וואסער]; די אויבערשטע פון די ציעגעל, וואס ווערען געברענט אין א ברען=אויווען און וועלכע ווערען ניט גוט דורכגעברענט; פערגיפטען אדער קראנק מאכען מיט לאקס.

Salmon

salm'on-col'or *n.* (סעמ'-אנ-קאל'-אר) לאקס=קאליר [א ברוין=רויטליכער קאליר].

salm'onet *n.* (סעמ'-אנ-עט) א קליינער לאקס. ז. *salmon*

salm'on-fly *n.* (סעמ'-אנ-פלאי) א קינסטליך געמאכטע פליעג צו כאפען לאקס אויף א ווענטקע.

sal'monoid *a. and n.* (סעל'-מא-נאיד) עהנליך צו לאקס; א פיש פון א געוויסען זארט לאקס.

salm'on-peal *n.* (סעמ'-אנ-פיעל) א יונגער לאקס.

salm'on-trout *n.* (סעמ'-אנ-טראוט) א מין לאקס. ז. *salmon*

salom'eter *n.* (סע-לאמ'-ע-טער) ז. *salinometer*

salon' *n.* (סע-לאהן') א סאלאן, א זאל; אן עלעגאנטעס גאסט=צימער אין אן אריסטאקראטישען הויז; א זאל פאר קונסט=אויסשטעלונג; אן עלעגאנטע פערזאמלונג.

saloon' *n.* (סע-לוהן') א שענק, א טראקטיר; א סאלאן, א זאל.

saloon'-car *n.* (סע-לוהנ'-קאר) א סאלאן=וואגאן, א עלעגאנט=געפוצטער וואגאן אין אן אייזענבאהן=צוג.

saloo'nist *n.* (סע-לוה'-ניסט) ז. *saloon-keeper*

saloon'-kee'per *n.* (סע-לוהנ'-קיע'-פער) א שענקער.

saloop' *n.* (סע-לוהפ') דער סאלעפ, א געטראנק וואס ווערט געמאכט פון א געוויסען געווירץ [די קארע פון סאסאפראס=בוים].

salpingi'tis *n.* (סעל-פינ-דזשאי'-טיס) אין מעדיצין — אן ענטצינדונג פון די פאלאפישע רעהרען [אין די געשלעכטס=ארגאנען פון א פרוי].

sal'sify *n.* (סעל'-סי-פי) דער באקכארד אדער האבערווארצעל [א מין גראז מיט איינצעלנע בלימעלעך אויף די שפיצען פון די שטענגלעך. דער ווארצעל ווערט געברויכט אין עסען].

Salsify

sal'so-ac'id *a.* (סעל'-סאו-עס'-איד) געזאלצען און זויערליך.

sal-so'da *n.* (סעל-סאו'-דא) וואש=סאדע.

salt *n., a. and v.* (סאהלט) זאלץ; קאך=זאלץ; אין כעמיע — א זויערע, וואו איינער אדער עטליכע אטאמען וואסער=שטאף ווערען פערביטען דורך דערזעלבער צאהל אטאמען פון א מעטאל; אין מעדיצין — אן אבפיהרונגס=זאלץ; א זאלץ=מעסטעל; דאס וואס גיט צו געשמאק; א גוטער טעם; דאס וואס איז בייסענד אדער פיקאנט, א סארקאזם, א וויציג ווארט; מעסיגונג, איינגעהאלטענקייט; א מאטראז; זאלציג, געזאלצען; שארף, פיקאנט, בייסענד; טייער; זאלצען, בעזאלצען, איינזאלצען; אנפילען מיט זאלץ די שפאלטען צווישען די ברעטער פון א שיף [כדי זיי זאלען ניט פוילען]; צוגעבען זאלץ, בעזארגען מיט זאלץ.

sal'tant *a.* (סעל'-טענט) שפרינגענד, טאנצענד.

saltarel'lo *n.* (סעל-טע-רעל'-או) סאלטארעלא, אן איטאליענישער אדער שפאנישער טאנץ; מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

sal'tate *v.* (סעל'-טייט) שפרינגען.

salta'tion *n.* (סעל-טיי'-שאן) דאס שפרינגען; א שפרונג.

saltato'rial *a.* (סעל-טע-טאו'-רי-על) שפרינגענד; וואס איז שייך צו שפרינגען אדער טאנצען.

saltato'rious *a.* (סעל-טע-טאו'-רי-אַס) ז. ***saltatorial***.

sal'tatory *a. and n.* (סעל'-טע-טאַ-רי) וואס בעוועגט זיך דורך שפרינגען; וואס איז געאיבט אין שפרינגען אדער טאנצען; א שפרינגער אדער טענצער.

salt'-box *n.* (סאהלט'-באקס) א זאלץ-פושקע; א זאלץ-קאסטען.

salt'-cel'lar *n.* (סאהלט'-סעל'-אר) א זאלץ-מעסטעל [א קליינע כלי, אין וועלכער מען דערלאנגט זאלץ צום טיש].

salt'-cote *n.* (סאהלט'-קאוט) א זאלץ-גרוב.

sal'ter *n.* (סאהל'-טער) אן איינזאלצער; א זאלץ-הענדלער; איינער וואס האנדעלט מיט געזאלצענע פיש אדער פלייש.

salterel'lo *n.* (סעל-טע-רעל'-או) ז. ***saltarello***.

sal'tern *n.* (סאהל'-טערן) א זאלץ-ווערק, א פלאץ וואו מען לאזט פערדאמפפען אדער אויסדונסטען ים-וואסער אום צו בעקומען זאלץ.

salt'-gar'den *n.* (סאהלט'-גאר'דן) א גרוב, וואו מען דאמפפט אויס זאלץ-וואסער, אום צו בעקומען זאלץ.

salt'-hol'der *n.* (סאהלט'-האול'-דער) ז. ***salt-cellar***.

salt'-horse' *n.* (סאהלט'-האהרס') געזאלצענעס פלייש [וואס ווערט געברויכט פון מאטראזען].

sal'tigrade *a. and n.* (סעל'-טי-גרייד) וואס האט פיסעלעך צום שפרינגען; א מין שפין וואס שפרינגט ארויף אויף זיין רויב.

sal'ting *n.* (סאהל'-טינג) דאס זאלצען; א זומפ אדער פייכטעס לאנד וואס איז דורכגעזאפט מיט זאלץ.

sal'ting-house *n.* (סאהל'-טינג-האוס) א פלאץ וואו מען זאלצט פיש, פלייש א. ד. ג.

sal'tish *a.* (סאהל'-טיש) געזאלצענליך, עטוואס געזאלצען.

sal'tishness *n.* (סאהל'-טיש-נעס) דאס זיין עטוואס געזאלצען.

salt'less *a.* (סאהלט'-לעס) אונגעזאלצען; אהן זאלץ, אהן געשמאק, אהן טעם.

salt'-lick *n.* (סאהלט'-ליק) א פלאץ וואו דער באדען איז דורכגעזאפט מיט זאלץ און חיות, ווי די בופלאקסען, קומען אהין צו לעקען דעם גרונט.

salt'ly *adv.* (סאהלט'-לי) מיט א טעם פון זאלץ.

salt'-man *n.* (סאהלט'-מען) א זאלץ-הענדלער.

salt'-marsh *n.* (סאהלט'-מארש) א גראז-לאנקע וואו דער באדען איז דורכגעזאפט מיט זאלץ.

salt'master *n.* (סאהלט'-מעס-טער) אן אייגענטימער אדער פערוואלטער פון זאלץ-גרובען.

salt'-mine *n.* (סאהלט'-מאין) א זאלץ-גרוב.

salt'ness *n.* (סאהלט'-נעס) געזאלצענקייט.

salt'-pan *n.* (סאהלט'-פען) א מין גרויסער קעסעל, אין וועלכען מען לאזט פערדאמפפען אדער אויסדונסטען זאלץ-וואסער, כדי צו בעקומען זאלץ.

saltpe'ter *n.* (סאהלט-פי'-טער) סאלפעטער אדער סעליטרע. ז. ***niter***.

saltpe'tre *n.* (סאהלט-פי'-טער) ז. ***saltpeter***.

saltpe'trous *a.* (סאהלט-פי'-טראַס) סאלפעטריש, וואס איז שייך צו סאלפעטער אדער סעליטרע [א מין זאלץ].

salt'-pit *n.* (סאהלט'-פיט) א זאלץ-גרוב, א זאלץ-שאכטע.

salt'-rheum' *n.* (סאהלט'-רוהם') אן אויסשלאג אדער אויסשיטונג אויף'ן לייב.

Salt Riv'er (סאהלט ריוו'-ער) א כלומר'שדיגער טייך, דורך וועלכען א פאליטיש-געשלאגענער קאנדידאט אדער פארטיי געהט אין פערגעסענהייט אדער ווערט פאליטיש טויט.

salt'-spoon *n.* (סאהלט'-ספוהן) א זאלץ-לעפעלע.

salt'-stand *n.* (סאהלט'-סטענד) ז. ***salt-cellar***.

salt'-tax *n.* (סאהלט'-טעקס) זאלץ-שטייער, דער אבצאהל אויף זאלץ.

salt'-wa'ter *a.* (סאהלט'-הוואה'-טער) אין זאאלאגיע — וואס לעבט אין געזאלצענעם וואסער אדער אין ים.

salt'-works *n.* (סאהלט'-הוואירקס) א פלאץ וואו מען דאמפפט אויס זאלץ פון זאלץ-וואסער.

sal'ty *a.* (סאהל'-טי) ז. ***saltish***.

salu'brious *a.* (סע-ליו'-ברי-אַס) געזונד; וואס נוצט פאר'ן געזונד.

salu'briously *adv.* (סע-ליו'-ברי-אַס-לי) אויף אן אופן וואס נוצט צום געזונד.

salu'briousness *n.* (סע-ליו'-ברי-אַס-נעס) ז. ***salubrity***.

salu'brity *n.* (סע-ליו'-ברי-טי) געזונדקייט; דאס זיין ניצליך פאר'ן געזונד.

sal'utarily *adv.* (סעל'-יו-טע-רי-לי) מיט היילזאמקייט, מיט געזונדקייט.

sal'utariness *n.* (סעל'-יו-טע-רי-נעס) היילזאמקייט, געזונדקייט; דאס זיין ניצליך צום געזונד.

sal'utary *a.* (סעל'-יו-טע-רי) היילזאם, געזונד; וואס גיט צו געזונד; ניצליך.

saluta'tion *n.* (סעל-יו-טיי'-שאַן) דאס סאלוטירען אדער בעגריסען; דער גרוס, די בעגריסונג.

salutato'rian *n.* (סע-ליו-טע-טאו'-רי-ען) אין די אמעריקאנער אוניווערזיטעטען — איינער פון די געענדיגטע סטודענטען, וועלכער האלט די בעגריסונגס-רעדע ביי דער צערעמאניע פון אויסטיילען דיפלאמען צו די געענדיגטע.

salu'tatorily *adv.* (סע-ליו'-טע-טאַ-רי-לי) דורך בעגריסונג; מיט א סאלוט.

salu'tatory *a. and n.* (סע-ליו'-טע-טאַ-רי) וואס איז שייך צו סאלוטירען אדער בעגריסען; א בעגריסונגס-רעדע.

salute' *v. and n.* (סע-ליוט') גריסען, בעגריסען; סאלוטירען; דער גרוס, די בעגריסונג; א סאלוט, א בעגריסונגס-אויסשאס [פון עטליכע קאנאנען מיט אמאל]; א קוש.

salu'ter *n.* (סע-ליו'-טער) איינער וואס בעגריסט.

salvabil'ity *n.* (סעל-ווע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט גערעטעט צו ווערען; דאס קענען גערעטעט ווערען.

sal'vable *a.* (סעל'-וועבל) וואס קען גערעטעט ווערען.

sal'vableness *n.* (סעל'-וועבל-נעס) ז. ***salvability***.

sal'vably *adv.* (סעל'-ווע-בלי) אויף אן אופן דאס מען קען גערעטעט ווערען.

sal'vage *n.* (סעל'-ווערזש) דאס רעטען א שיף פון אן אונערווארטעטען אונגליק; א בעלוינונג פאר רעטען א שיף אדער וואארע; דאס גערעטעטע אייגענטום.

salvatel'la *n.* (סעל-ווע-טעל'-א) אין אנאטאמיע — דער סאלוואטעל-אדער [אן אדער אויף דער אויבערשטער זייט פון קליינעם פינגער פון דער האנד].

salva'tion *n.* (סעל-וויי'-שאַן) דאס וואהל, דאס גליק; די זעליגקייט; די רעטונג פון זינד.

Salva'tion Ar'my (סעל-וויי'-שאַן אר'-מי) די סאלוויישאן אדער רעטונגס-ארמעע [א קריסטליך-רעליגיעזע ארגאניזאציאן אין דער פארם פון א מיליטערישער ארגאניזאציאן געגרינדעט אין ענגלאנד אין 1865 פאר מיסיאנס-ארבייט און צו העלפען גייסטיג און מאטעריעל געזונקענע און געפאלענע].

Salva'tionism *n.* (סעל-וויי'-שאַנ-איזם) די פרינציפען און מעטאדען פון דער "סאלוויישאן ארמעע". ז. ***Salvation Army***.

Salva'tionist *n.* (סעל-וויי'-שאַנ-איסט) א מיטגליעד פון דער "סאלוויישאן-ארמעע". ז. ***Salvation Army***.

salve *v.* (סעלוו) רעטען עפעס פון אן אונגליק.

salve *n. and v.* (סאהוו) א זאלב, א פלאסטער; א רפואה, א סגולה, א הילף; היילען; רעטען, ערלעזען.

sal've *int.* (סעל'-ווי) עס לעבע! עס זאל לעבען! עס זאל געזונד זיין!

sal'ver *n.* (סאה'-ווער) איינער וואס גיט זאלבען, א רופא.

sal'ver *n.* (סעל'-ווער) א פאלומיסאק; אן אונטער-טעלער, א ספאדקע; איינער וואס רעטעט עפעס פון אן אונגליק.

sal'vo *n.* (סעל'-וואו) אן אויסנאהמע, אן אויסשליסונג; אן אויסרייד, א תירוץ; א זאלפ, אן אויסשאס פון עטליכע הארמאטען מיט אמאל, אלס א מיליטערישער סאלוט.

sal'vor *n.* (סעל'-וואָר) איינער וואס רעטעט א שיף אדער וואארע פון א פייער א. ז. וו.

sal'vy *a.* (סאה'-ווי) עהנליך צו א זאלב, ווי א זאלב.

samar'a *n.* (סע-מער'-א) א פרוכט אדער זוימען מיט פליגלען [ווי די פרוכט פון עשען-בוימער, אולמען-בוימער א. ד. ג.].

Samar'itan *a. and n.* (סע-מער'-אי-טען) וואס איז שייך צו שומרון [דער צענטראלער טייל פון פאלעסטינא, וועלכער ליעגט אין צפון-זייט פון יהודה]; וואס איז שייך צו דער שטאדט שומרון; וואס איז בענוצט פון די שומרונים; א שומרוני, אן איינוואהנער פון שומרון [בעזאנדערס איינער פון דעם פאלק וואס דער קעניג פון אשור האט בעזעצט אין די שטעדט פון שומרון, נאכדעם ווי ער האט פערטריבען פון דארט די עשרת השבטים]; די שפראך פון די שומרונים; א גוטהערציגער אדער פרייגיביגער מענש.

Samar'itanism *n.* (סע-מער'-אי-טענ-איזם) די בעהויפטונג פון די שומרונים, אז דער אמת'ער היילינער בארג איז דער בארג גריזים אין שומרון און ניט דער בארג ציון ווי די אידען האלטען און זיי, די שומרונים זיינען די אמת'ע אבהיטער פון תורת משה און ניט די אידען; די אייגענטימליכקייטען פון די שומרונים אדער פון זייער שפראך; צדקה, פילאנטראפיע.

Samave'da *n.* (סא-מע-וויי'-דא) איינער פון די פיער היילינע ביכער [וועדאס] אין אינדיען.

sam'bo *n.* (סעמ'-באו) איינער וואס שטאמט פון א נעגער און א מולאט.

same *a.* (סיים) דערזעלביגער, דיזעלבע, דאסזעלבע; דער נעמליכער.

same'liness *n.* (סיים'-לי-נעם) ז. *sameness*

same'ness *n.* (סיים'-נעם) די זעלביגקייט, די נעמליכקייט; פאלקאמענע גלייכהייט; איינטאניגקייט.

Sa'mian *a. and n.* (סיי'-מי-ען) וואס איז שייך צו דעם אינזעל סאמאס אין עגעאישען ים, אין דער וועסט פון קליין־אזיען; אן איינוואוהנער פון סאמאס.

sam'isen *n.* (סעמ'-אי-סען) אזא יאפאנעזישע גיטארע מיט דריי סטרונעס.

sam'ite *n.* (סעמ'-איט) א מין זיידען־צייג וואס מען פלעגט טראגען אין מיטעלאלטער.

sa'movar *n.* (סא'-מא-ווער) א סאמאוואר, א טהעע־מאשין.

Samovar

Samo'yed *n.* (סע-מאו'-יעד) א סאמאיעד [איינער פון דעם וואנדערענדען פאלקס־שטאם וואס געפינט זיך אין ווייטען נארד פון רוסלאנד].

Samoyed'ic *a.* (סעמ-א-יעד'-איק) וואס איז שייך צו די סאמאיעדען. ז. *Samoyed*

samp *n.* (סעמפ) א געריכט פון גראב געמאהלענער קוקורוזע; גראב געמאהלענע קוקורוזע.

sam'pan *n.* (סעמ'-פען) א זאמפאנע [אזא קליין כינעזיש שיפעל, וואס ווערט בענוצט אויף אלם וואהנונג].

sam'phire *n.* (סעמ'-פאיר) אזא פלאנצע וועלכע וואקסט אין אין וועסט־אייראפא, וועלכע געפינען די שפאלטען פון פעלזען, וועלכע געפינען זיך ביים ים [די בלעטער פון דיעזער פלאנצע ווערען בענוצט צום זייערען פרוכטען אדער גרינסען].

sam'ple *n. and v.* (סעמפל) א פראבע, א מוסטער; א ביישפיעל; צופאסען צום מוסטער; אבפראבירען פערגלייכענדיג מיט דעם מוסטער; אויסקלייבען א מוסטער.

sam'ple-card *n.* (סעמ'פל-קארד) א מוסטער־קארטע, א קארטע מיט אויפגעקלעפטע מוסטערען. ז. *pattern-card*

sam'pler *n.* (סעמ'-פלער) איינער וואס פראבירט אב דורך מוסטערען אדער מאדעלען; איינער וואס מאכט מוסטערען אדער מאדעלען; א שטריק־מוסטער, א שטיקעריי־מוסטער, א שטיק העקעל־ארבייט אדער שטיקעריי פון אן אנפאנגער צו בעווייזען זיין געשיקטקייט.

sam'ple-room *n.* (סעמ'פל-רוהם) א ציממער וואו פראבעס אדער מוסטערען ווערען אונטערזוכט אדער אויסגעשטעלט; א שענק־שטוב.

sam'ple-scale *n.* (סעמ'פל-סקייל) א זעהר פינקטליכע באלאנס־וואג.

sam'son *n. and v.* (סעמ'-סאן) א דיקער שטארקער שטעהענדער באלקען; א דיקער שטארקער שטיץ־באלקען אויף א שיף; ריכטען דעם פאל פון אן אונטערגעהאקטען בוים מיט דער חילף פון א שטאנג.

Sam'uel *n.* (סעמ'-יו-על) דער ספר שמואל [פון תנ"ך].

Sam'urai *n.* (סעמ'-או-ראי) דער מיליטערישער קלאס אדער א מיטגליעד פון דיעזען קלאס [א סאלדאט] אין יאפאן אין דער צייט ווען דארט האט געהערשט דאס פעאדאלע סיסטעם.

sanabil'ity *n.* (סען-ע-ביל'-אי-טי) היילבארקייט, קורירבארקייט.

san'able *a.* (סען'-עבל) היילבאר, קורירבאר, וואס קען קורירט ווערען אדער געהיילט ווערען.

san'ableness *n.* (סען'-עבל-נעם) ז. *sanability*

san'ative *a.* (סען'-ע-טיוו) היילענד, היילזאם, וואס היילט, וואס קורירט, וואס האט די קראפט צו היילען.

san'ativeness *n.* (סען'-ע-טיוו-נעם) הייל־קראפט, היילזאמקייט.

sanato'rium *n.* (סען-ע-טאו'-רי-אם) א סאניטאריום, א הייל־אנשטאלט.

san'atory *a.* (סען'-ע-טא-רי) היילענד, היילזאם.

sanbeni'to *n.* (סען-בע-ני'-טאו) אזא מאנטעל וואס עס פלעגען טראגען די געפאנגענע און די פער'משפט'ע פון דער אינקוויזיציאן.

san'cho *n.* (סען'-קאו) אזא נעגערשע גיטארע.

sanctifica'tion *n.* (סענק-טי-פי-קיי'-שאן) די הייליגונג, די הייליג־מאכונג, די הייליג־האלטונג; געהייליגטקייט.

sanc'tified *a.* (סענק'-טי-פאיד) געהייליגט; הייליג; פרום.

sanctifi'edly *adv.* (סענק-טי-פאי'-עד-לי) ז. *sanctimoniously*

sanc'tifier *n.* (סענק'-טי-פאי-ער) איינער וואס הייליגט, איינער וואס מאכט הייליג.

Sanc'tifier *n.* (סענק'-טי-פאי-ער) דער הייליגער גייסט [ביי קריסטען].

sanc'tify *v.* (סענק'-טי-פאי) הייליגען, הייליג מאכען; רייניגען פון זינד.

sanc'tifyingly *adv.* (סענק'-טי-פאי-אינג-לי) מאכענדיג הייליג.

sanctimo'nious *a.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס) וואס שטעלט זיך ארויס אדער וואס מאכט זיך הייליג אדער פרום.

sanctimo'niously *adv.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס-לי) ארויסשטעלענדיג זיך אדער מאכענדיג זיך הייליג אדער פרום.

sanctimo'niousness *n.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס-נעם) דאס ארויסשטעלען זיך אלס הייליג אדער פרום.

sanc'timony *n.* (סענק'-טי-מא-ני) געמאכטע הייליגקייט אדער פרומקייט, היפאקריטישע פרומקייט.

sanc'tion *n. and v.* (סענק'-שאן). א סאנקציע, א פייערליכע בעשטעטיגונג, א בעקרעפטיגונג; א הסכמה; א בעפעהל, א געזעץ; בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען, מסכים זיין, סאנקציאנירען, גוט־הייסען.

sanc'tionable *a.* (סענק'-שאן-עבל) וואס איז ווערטה סאנקציאנירט צו ווערען, וואס איז ווערטה צו קריעגען א בעשטעטיגונג אדער א הסכמה.

sanc'tionary *a.* (סענק'-שאן-ע-רי) וואס סאנקציאנירט, וואס בעשטעטיגט.

sanc'titude *n.* (סענק'-טי-טיוד) הייליגקייט; פרומקייט.

sanc'tity *n.* (סענק'-טי-טי) הייליגקייט; פרומקייט; גאטספארכטיגקייט.

sanc'tuary *n.* (סענק'-טשו-ע-רי) א הייליגטום; א הייליגער ארט; א שוהל; א קירך; דער ארט אין א קירך וואו עס שטעהט דער הויפט אלטאר; דער בית־המקדש; דער קדשי קדשים אין בית־המקדש; א צופלוכטס־ארט, א רעטונגס־ארט, אן עיר המקלט; א הייליגער ארט וואו מען טאר ניט ארעסטירען אן אנטלאפענעם פערברעכער [ווי אמאל ביי איידען איז דאס געווען דער בית המקדש און שפעטער ביי די קריסטען, ביז א געוויסער צייט, די קירך].

sanc'tum *n.* (סענק'-טאם) א הייליגער ארט; א פריוואט־צימער.

sanc'tum sancto'rum (סענק'-טאם סענק-טאו'-ראם) דאס אלערהייליגסטע, דער קדשי קדשים; א פריוואט־צימער וואו קיינער ווערט ניט ארייגעלאזען אהן א ספעציעלער ערלויבנים.

Sanc'tus *n.* (סענק'-טאם) די תפלה "קדש, קדש, קדש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו" אדער די מוזיק צו דיעזער תפלה.

Sanc'tus bell (סענק'-טאם בעל) דער גלאק וואס קלינגט ביי דער אבריכטונג פון א מעסע אין קירך, ווען מען זינגט דיא הייליגע תפילות.

sand *n. and v.* (סענד) 1. זאמד; א זעמדעלע; 2. א זאמד־שטיין; 3. כאראקטער־פעסטקייט; 4. בעשיטען מיט זאמד; צושיטען זאמד; 5. ארויפטרייבען א שיף אויף א זאמד־באנק.

3. In fighting his opponents, he showed himself full of **sand**. 5. The captain **sanded** the wrecked vessel.

san'dal *n.* (סענ'-דעל) א סאנדאל, א שוך וואס בעשטעהט בלויז פון א זויל [פארעשווע] מיט שנירלעך צוצובינדען צום פוס; א טופלע; א שנירעל אדער בענדעל פון א טופליע; א גאנץ פלאכער קאלאש וואס בעשטעהט בלויז פון א זויל מיט א שמאלען ראנד; אזא לאנג און שמאל שיפעל מיט צוויי מאסטען; סאנדאל־האלץ [ז. *sandalwood*].


Sandals

san'daled *a.* (סענ'-דעלד) ז. *sandalled*

sandal'iform *a.* (סען-דעל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א סאנדאל אדער טופליע. ז. *sandal*

san'dalled *a.* (סענ'-דעלד) וואס טראגט סאנדאלען. ז. *sandal*

san'dalwood *n.* (סענ'-דעל-הוואוד) סאנדאל־האלץ, דאס ריכענדע האלץ פון די ווארצלען און הארץ פון געוויסע ביימער, וועלכע געהערען צו דעם מין סאנדאל־ביימער.

san'darac *n.* (סענ'-דע-רעק) זאנדאראק [אזא גומי־זאפט וואס קומט פון דער קארע פון דעם זאנדאראק־בוים]; רויטער שוועבעל־ארזעניק [א כעמישע פערבינדונג פון שוועבעל און ארזעניק].

san'darac-tree *n.* (סענ'-דע-רעק-טריע) דער זאנדאראק־בוים [א גרויסער בוים וואס וואקסט אויף די בערג אין מאראקא. זיין האלץ איז פון מאהאגאני קאליר, הארט, שטארק און גוט ריכענד].

sand'-bag *n.* (סענד'-בעג) א זאמד־זאק, א זאק אנגעפילט מיט זאמד אדער ערד,

וואס ווערט בענוצט אלס שוץ=מיטעל אין פעסטונגען, אלס באלאסט פאר שיפען אדער לופט=באלאנען און פאר פערשיעדענע אנדערע צוועקען; א לאנג, שמאל זעקעל אנגעפילט מיט זאמד צו שלאגען אדער צו בעטויבען [ביי א רויבער=איבערפאל].

sand'bag *v.* (סענד'-בעג) שלאגען מיט א זאמד=זעקעל, בעטויבען שלאגענדיג מיט א זאמד=זעקעל [ווי ביי א רויבער=איבערפאל].

sand'bagger *n.* (סענד'-בעג-ער) איינער וואס שלאגט מיט א זאמד=זעקעל [הויפטזעכליך א רויבער]; א שיף וואס האט אלס באלאסט זאמד=זעק. ז. ***sand-bag***.

sand'-ball *n.* (סענד'-באהל) א קיילעכדיגעם שטיק זייף געמישט מיט דינעם זאמד [צום בעזייטיגען שארסטיגקייט און פלעקען פון די הענד].

sand'-bank *n.* (סענד'-בענק) א זאמד=באנק [א בערגעל אנגעטראגענע זאמד אין א טייך אדער אין ים].

sand'-bar *n.* (סענד'-באר) אן אנגעטראגענע קופע זאמד אין מיטען פון א טייך אדער ביי זיין מינדונג [דער ארט וואו ער פאלט אריין אין ים].

sand'-bath *n.* (סענד'-בעטה) א זאמד=באד [א באד פון ווארעמען זאמד וואס ווערט פערארדענט פאר געוויסע קראנקהייטען]; א כלי מיט הייסען זאמד וואס ווערט בענוצט צו דערהיצען געוויסע ארטיקלען אדער מאטעריאלען; דאס קייקלען זיך אין זאמד ווי געוויסע עופות טהון עס צו רייניגען זייערע פעדערען.

sand'-bear *n.* (סענד'-בעהר) דער בער=חזיר אדער דער אינדישער דאקס [אזא חיה]. ז. ***badger***.

sand'-bed *n.* (סענד'-בעד) דער זאמד=באדען אין אן אייזען=גיסעריי.

sand'-bird *n.* (סענד'-בוירד) א פויגעל וואס האלט זיך ביים ברעג פון ים; א שטראנד=לויפער אדער עהנליכער פויגעל. ז. ***sandpiper***.

sand'-blast *n.* (סענד'-בלעסט) א זאמד=שטורם; א זאמד=שפריצער; זאמד וואס ווערט געשפריצט פון א זאמד=שפריצער ביי דער פאבריקאציאן פון גלאז אדער פאר אנדערע צוועקען.

sand'-blind *a.* (סענד'-בלאינד) שוואכזיכטיג, טיילווייז בלינד.

sand'-blind'ness *n.* (סענד'-בלאינד'-נעס) שוואכזיכטיגקייט, א שוואכע ראיה.

sand'-blow'er *n.* (סענד'-בלאו'-ער) א זאמד=בלאזער [אן אפאראט צו בעשפרענקלען עטוואס מיט זאמד].

sand'-box *n.* (סענד'-באקס) א זעמדעל [א קעסטעלע מיט א דעקעל מיט קליינע לעכלעך צו האלטען זאמד צו בעשטרייען פריש געשריבען פאפיער אבצוטריקענען די טינט]; א קאסטען מיט זאמד אין א לאקאמאטיוו צו בעשיטען די שינעס [רעלסען], אז די רעדער זאלען זיך אויף זיי ניט גליטשען; אזא בוים אויף וועלכען עס וואקסען אזעלכע פרוכט, וועלכע פלאצען מיט א גערויש, ווען זיי ווערען רייף און טרוקען.

sand'-bug *n.* (סענד'-באג) א זאמד=וועספע [אזא אינזעקט וועלכער געפינט זיך אין זאמד].

sand'-club *n.* (סענד'-קלאב) א זאמד=זעקעל [צום שלאגען]. ז. ***sand-bag***.

sand'-corn *n.* (סענד'-קאהרן) א זאמד=קערנדעל.

sand'-crab *n.* (סענד'-קרעב) א זאמד=קראב [אזא ראק אדער קרעבס וואס געפינט זיך אין וואסערען מיט א זאמדיגען גרונט, וואו ער ליעגט איינגעגראבען].

Sand-crab

sand'-crush'er *n.* (סענד'-קראש'-ער) אזא מיהל צו מאהלען און צו וואשען זאמד פאר דער פאבריקאציאן פון גלאז.

sand'ed *a.* (סענד'-עד) בעדעקט אדער בעשפרענקעלט מיט זאמד; פון זאמד=קאליר.

san'derling *n.* (סענ'-דער-לינג) דער דריי=פינגערדיגער זאמד=לויפער [אזא פויגעל וואס האט בלויז דריי פינגער אין א פוס און לעבט אויף די זאמדיגע ברעגען פון ימים]. ז. ***sandpiper***.

san'derswood *n.* (סענ'-דערז-הוואוד) ז. ***sandalwood***.

sand'-flea *n.* (סענד'-פליע) די זאמד=פלוי אדער שטראנד=פלוי [אזא שפרינגענדער אינזעקט וואס געפינט זיך אין זאמד ביים ברעג ים].

sand'-flood *n.* (סענד'-פלאד) א זאמד=שטראם וואס ווערט געטריבען פון ווינד.

sand'-glass *n.* (סענד'-גלעס) א זאמד=אוהר. ז. ***hour-glass***.

sand'-grass *n.* (סענד'-גרעס) זאמד=גראז, שטראנד=גראז [גראז וואס וואקסט אויף א זאמד=באדען אדער אין דעם זאמד ביים ברעג ים].

sand'-grouse *n.* (סענד'-גראוס) א סטעפען=הוהן [אזא פויגעל וואס לעבט אין די זאמד=סטעפעס פון אייראפא].

sand'-heat *n.* (סענד'-היעט) די היץ פון א זאמד=באד.

sand'-hill *n.* (סענד'-היל) א זאמד=בערגעל; א בערגעל בעדעקט מיט זאמד.

sand'-hill'er *n.* (סענד'-היל'-ער) איינער פון דער ראסע וואס לעבט אין די סאסנאווע וועלדער, וועלכע בעדעקען די זאמד=פערג פון דזשארדזשיא און זיד=קאראלאינע אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [מען נעהמט אן אז דיעזע ראסע, וואס האט א זאמד=פארביגע הויט, שטאמט אב פון די ווייסע, וועלכע זיינען אנטלאפען פון שקלאפען=ארבייט און האבען זיך בעהאלטען אין די וועלדער].

san'diness *n.* (סענ'-די-נעס) זאמדיגקייט; דאס אויסזעהן ווי זאמד [וועגען א קאליר].

san'diver *n.* (סענ'-די-ווער) גלאז=שלאקען, פסלת פון געשמאלצענעם גלאז.

sand'-liz'ard *n.* (סענד'-ליז'-ארד) דער זאמד=עקדעש [אן עקדעש אין אייראפא וואס געפינט זיך אין זאמדיגע געגענדען].

sand'man *n.* (סענד'-מען) א פאבעלהאפטע פערזאן וואס מאכט, לויט דעם פאלקס=גלויבען, קינדער שלעפריג.

sand'-mar'tin *n.* (סענד'-מאר'-טין) די זאמד=שוואלב [אזא שוואלב וואס געפינט זיך ביי זאמדיגע ברעגען].

sand'paper *n.* and *v.* (סענד'-פיי-פער) זאמד=פאפיער; אברייבען מיט זאמד=פאפיער; אבפאלירען, אבשלייפען, גלאט מאכען.

sand'peep *n.* (סענד'-פיעפ) א קליינער זאמד=לויפער אדער שטראנד=לויפער [אזא קליינער פויגעל וואס געפינט זיך ביי דעם זאמד=ברעג פון ים].

sand'-pig'eon *n.* (סענד'-פידזש'-אן) ז. ***sand-grouse***.

sand'piper *n.* (סענד'-פאי-פער) א זאמד=לויפער אדער שטראנד=לויפער [אזא קליינער פויגעל וועלכער לויפט ארום אויף דעם זאמד=ברעג פון ים].

sand'-pit *n.* (סענד'-פיט) א זאמד=גרוב.

sand'-ridge *n.* (סענד'-רידזש) א זאמד=באנק [אין א טייך אדער אין ים].

sand'runner *n.* (סענד'-ראנ-ער) ז. ***sandpiper***.

sands *n.* (סענדז) זאמד=געגענדען; דער ים=ברעג; מאמענטען, מינוטען, וויילען; לעבענס=צייט.

sand'-screen *n.* (סענד'-סקריען) א זאמד=זיפ [א גרויסע דראטענע זיפ וואס ווערט בענוצט צום זיפען זאמד].



Sand-screen

sand'-sif'ter *n.* (סענד'-סיפ'-טער) א זיפ צו זיפען זאמד; א מאשין צו רייניגען און זיפען זאמד.

sand'-snake *n.* (סענד'-סנייק) די זאמד=שלאנג; די מדבר=שלאנג.

sand'-snipe *n.* (סענד'-סנאיפ) ז. ***sandpiper***.

sand'stone *n.* (סענד'-סטאון) א זאמד=שטיין.

sand'-storm *n.* (סענד'-סטאהרם) א זאמד=שטורם [א שטורם=ווינד וואס טראגט מיט זיך א זאמד=וואלקען].

sand'-trap *n.* (סענד'-טרעפ) א פאר=ריכטונג אבצוטיילען זאמד פון פליסענדען וואסער.

sand'-tube *n.* (סענד'-טיוב) א זאמד=קאנאל.

sand'-whirl *n.* (סענד'-הווארל) א ווירבעל=ווינד וואס דרעהט שטויב און זאמד.

sand'wich *n.* and *v.* (סענד'-הוויטש) א סאנדוויטש, א צונויפגעלעגט פוטער=ברויט מיט פלייש, פיש אדער קעז אין מיטען; עטוואס וואס איז עהנליך צו א סאנדוויטש; א פערזאן וואס טראגט צוויי רעקלאמען=טאוולען, איינעם פון פארענט און איינעם פון הינטען; מאכען ווי א סאנדוויטש; עטוואס אריינשטעלען צווישען צוויי אנדערע זאכען.

sand'wich-man *n.* (סענד'-הוויטש-מען) [ז. ***sandwich***] א פערקויפער פון סאנדוויטשעס; א פערזאן וואס טראגט צוויי רעקלאמען=טאוולען, איינעם פון פארענט און איינעם פון הינטען.

sand'-wind *n.* (סענד'-הווינד) א ווינד וואס טראגט מיט זיך זאמד און שטויב.

sand'worm *n.* (סענד'-הווארם) א זאמד=ווארים [וואס האלט זיך אין זאמד].

sand'wort *n.* (סענד'-הווארט) זאמד=קרויט [אזא נידריגע פלאנצע וואס וואקסט אין זאמד].

san'dy *a.* (סענ'-די) זאמדיג; ווי זאמד;

ניט פעסט, ניט זיכער; טרוקען [ווי זאמד]; פון זאמד=קאליר, געלב=רויט.

San'dy *n.* (סענ'-די) א שאטלענדער.

sane *a.* (סיין) געזונד; ביים זינען; ביים געזונדען פערשטאנד.

sane'ly *adv.* (סיינ'-לי) אין א געזונדען צושטאנד; ביים געזונדען פערשטאנד.

sane'ness *n.* (סיינ'-נעס) געזונדקייט; געזונדער פערשטאנד.

sang (סענג) געזונגען. ז. ***sing***.

sangaree' *n. and v.* (סענ-גע-ריע') רויטער וויין געמישט מיט וואסער, צוקער און געווירצען וואס ווערט געברויכט אלס געטראנק אין די הייסע לענדער; מישען מיט וואסער און פערזיסען [ווענען וויין].

sang'-de-bœuf' *n.* (סאנ'-דע-בעף') אזא טיעף=רויטער קאליר מיט וועלכען די אלטע כינעזישע פארצעליי האט זיך אויסגעצייכענט.

sang-froid' *n.* (סאנ-פרוא') קאלטבלוטיגקייט.

san'giac *n.* (סענ'-דזשעק) ז. ***sanjak***.

sangraal' *n.* (סענ-גרייל') ז. ***sangreal***.

san'greal *n.* (סענ'-גרי-על) דער הייליגער גראל. ז. ***grail***.

sang'-school *n.* (סענג'-סקוהל) א שוהל צום לערנען זינגען.

sang'sue *n.* (סענג'-סיו) א פיאווקע. ז. ***leech***.

sanguic'olous *a.* (סענ-גהוויק'-א-לאס) וואס לעבט אין בלוט [ווענען פאראזיטען].

sanguif'erous *a.* (סענ-גהוויפ'-ער-אס) וואס פיהרט אדער צירקולירט דאס בלוט [ווי די אדערען, בלוט=געפעס א. ז. וו.].

sanguifica'tion *n.* (סענ-גהווי-פי-קיי'-שאן) די בלוט=בילדונג, די בלוט=פראדוצירונג.

san'guifier *n.* (סענ'-גהווי-פאי-ער) א מיטעל וואס פראדוצירט בלוט.

san'guify *v.* (סענ'-גהווי-פאי) פערוואנדלען אין בלוט.

san'guinarily *adv.* (סענ'-גהווי-נע-רי-לי) מיט בלוטדורשטיגקייט; אויף א בלוטדורשטיגען אופן; בלוטיג.

san'guinariness *n.* (סענ'-גהווי-נע-רי-נעס) בלוטדורשטיגקייט, בלוט=גיעריגקייט; בלוטיגקייט.

san'guinary *a. and n.* (סענ'-גהווי-נע-רי) 1. בלוטיג; בלוט=גיעריג, בלוטדורשטיג; מערדעריש; 2. דאס בלוטקרויט [אזא רויטע פלאנצע].
1. The fort was captured after a series of **sanguinary** assaults.

san'guine *a. and n.* (סענ'-גהווין) 1. בלוטיג; פולבלוטיג; בלוט=רויט; סאנגוויניש; 2. לוסטיג, פרעהליך, לעבעדיג, לעבהאפט; היציג; 3. האפנונגספול; זיכער אדער איינגעגלויבט אין ערפאלג; 4. בלוט=קאליר, רויטקייט; א צייכנונג געמאכט מיט רויטען קרייד.
2. A **sanguine** temperament is a help to success. 3. I am very **sanguine** about the outcome of my undertaking.

san'guinely *adv.* (סענ'-גהווינ-לי) סאנגוויניש, פרעהליך, לוסטיג, האפנונגספול, מיט פרעהליכע האפנונגען.

san'guineness *n.* (סענ'-גהווינ-נעס) ז. ***sanguinity***.

sanguin'eous *a.* (סענ-גהווינ'-אי-אס) סאנגוויניש, לעבהאפט, היציג; פרעהליך, האפנונגספול, זיכער אדער איינגעגלויבט אין ערפאלג; בלוטיג, בלוט=רויט; וואס האט בלוט, וואס האט א בלוט=צירקולאציאנס=סיסטעם; בלוטרייך, פולבלוטיג.

sanguin'ity *n.* (סענ-גהווינ'-אי-טי) פולבלוטיגקייט; הייס=בלוטיגקייט, היציגקייט; לעבהאפטיגקייט; זיכערהייט אדער איינגעגלויבטקייט אין ערפאלג.

sanguiniv'orous *a.* (סענ-גהווי-ניוו'-א-ראס) ז. ***sanguivorous***.

sanguin'olence *n.* (סענ-גהווינ'-א-לענס) בלוטיגקייט; דאס זיין פול מיט בלוט.

sanguin'olency *n.* (סענ-גהווינ'-א-לענ-סי) ז. ***sanguinolence***.

sanguin'olent *a.* (סענ-גהווינ'-א-לענט) בלוטיג, בלוטרייך, בלוטפול.

san'guisuge *n.* (סענ'-גהווי-סיודזש) א פיאווקע. ז. ***leech***.

sanguiv'orous *a.* (סענ-גהוויוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט בלוט.

san'hedrim *n.* (סענ'-הי-דרים) ז. ***sanhedrin***.

san'hedrin *n.* (סענ'-הי-דרין) דער סנהדרין [דאס העכסטע געריכט אמאל ביי אידען. דער גרויסער סנהדרין איז בעשטאנען פון 71 מיטגליעדער און דער קליינער סנהדרין פון 23]; א פערזאמלונג וואס איז עהנליך צו דעם סנהדרין; א פארלאמענט.

san'icle *n.* (סענ'-איקל) דער זאניקעל [א מין פלאנצע וועלכע איז אמאל זעהר פיעל געברויכט געווארען אלס א מיטעל צו פערשיעדענע קראנקהייטען].

san'idine *n.* (סענ'-אי-דין) זאנידין [א מין גלאזיגער פעלד=שפאט וואס מען געפינט אין לאווא און אין וואולקאנישע פעלזען].

sa'nies *n.* (סיי'-ני-איז) שיטערער אייטער [פלאגמע] פון א וואונד.

sa'nious *a.* (סיי'-ני-אס) אייטעריג, וואס אייטערט, וואס גיט ארויס אייטער; וואס איז שייך אדער עהנליך צו שיטערען אייטער.

sanita'rian *n.* (סענ-אי-טיי'-רי-ען) איינער וואס גיט זיך אב מיט דער אויפפאסונג פון דער פאלקס=געזונדהייט, מיט היגיענישע רעפארמען א. ז. וו.; א קענער פון סאניטארע געזעצען און כללים.

san'itarily *adv.* (סענ'-אי-טע-רי-לי) אין בעצוג צו דער געזונדהייט אדער צו דער אבהיטונג פון געזונד.

san'itarist *n.* (סענ'-אי-טע-ריסט) ז. ***sanitarian***.

sanita'rium *n.* (סענ-אי-טיי'-רי-אם) א סאניטאריום, א הייל=אנשטאלט, א געזונדהייטס=אנשטאלט.

san'itary *a.* (סענ'-אי-טע-רי) סאניטאריש, וואס איז שייך צו דער אבהיטונג פון דעם געזונד; היגיעניש, געזונד.

san'itary board (סענ'-אי-טע-רי באורד) דאס אמט אדער קאלעגיום פאר דער אויפפאסונג פון די געזונדהייטס=צושטענדע.

san'itary condi'tions (סענ'-אי-טע-רי קאנ-דיש'-אנז) סאניטארע צושטענדע, געזונדהייטס=צושטענדע.

san'itary sci'ence (סענ'-אי-טע-רי סאי'-ענס) סאניטארע וויסענשאפט [די וויסענשאפט וואס גיט זיך אב מיט דער אבהיטונג פון דעם געזונד].

sanita'tion *n.* (סענ-אי-טיי'-שאן) דאס האלטען אין א געזונדען צושטאנד, דאס אנווענדען די כללים פון דער וויסענשאפט אבצוהיטען דאס געזונד.

san'ity *n.* (סענ'-אי-טי) געזונדקייט; דאס זיין ביים געזונדען פערשטאנד.

san'jak *n.* (סענ'-דזשעק) א פערוואלטונגס=דיסטריקט אין טערקיי פון צווייטען גראד; א טערקישער דיסטריקט וואס ווערט פערוואלטעט פון א זאנדזשאקבעק [א פאשא פון א נידריגען ראנג].

san'jak-bey *n.* (סענ'-דזשעק-ביי) א זאנדזשאקבעק. ז. ***sanjak***.

sank (סענק) געזונקען. ז. ***sink***.

san'nup *n.* (סענ'-אפ) א פערהייראטער מאן ביי די אינדיאנער אין אמעריקא.

sans *prep.* (סאן) אהן; אויסער, אויסערהאלב.

San'scrit *n. and a.* (סענ'-סקריט) ז. ***Sanskrit***.

sansculotte' *n.* (סאנ-קיו-לאט') א סאנקיולאט, אן עקסטרעמער רעוואלוציאנער אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין יאהר 1789; א רעוואלוציאנערער רעפובליקאנער, א קאמוניסט, א רעוואלוציאנער.

sansculot'terie *n.* (סאנ-קיו-לאט'-רי) ז. ***sansculottism***.

sansculot'tic *a.* (סאנ-קיו-לאט'-איק) רעוואלוציאנער, עקסטרעם רעוואלוציאנער.

sansculot'tide *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איד) די פינף [אין אן עבור=יאהר זעקס] טעג, וואס מען האט בעדארפט צוגעבען צו ענדע פון יאהר אין דעם פראנצויזישען רעוואלוציאנערען קאלענדאר [איינגעפיהרט אין 1789], צוליעב דעם וואס מען האט בעשטימט, אז יעדער מאנאט זאל בעשטעהן פון 30 טעג. ז. ***republican calendar***.

sansculot'tism *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איזם) סאנקיולאטיזם, די פרינציפען פון די סאנקיולאטען. ז. ***sansculotte***.

sansculot'tist *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איסט) א סאנקיולאט [ז. ***sansculotte***]; איינער וואס גלויבט אין די פרינציפען פון די סאנקיולאטען, ניט נעהמענדיג אליין קיין אקטיווען אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג.

San'skrit *n. and a.* (סענ'-סקריט) די סאנסקריטישע שפראך [די אלטע הייליגע שפראך אין וועלכער עס זיינען געשריבען די הייליגע ביכער אין אינדיען]; סאנסקריטיש, וואס איז שייך צו דער סאנסקריטישער שפראך.

Sanskrit'ic *a.* (סענ-סקריט'-איק) סאנסקריטיש, וואס קומט פון דער סאנסקריטישער שפראך.

San'skritist *n.* (סענ'-סקריט-איסט) א קענער אין דער סאנסקריטישער שפראך.

sans souci' (סאן סוה-סי') אהן זארג, אהן דאגות.

San'ta Claus (סענ'-טא קלאהס) אין דער קריסטליכער פאלקס=לעגענדע — דער מאן וואס בריינגט אין ווייהנאכטס=אבענד מתנות צו די קינדער [ער ווערט געוועהנליך פארגעשטעלט אלס א קורצער, דיקער, אלטער מאן מיט א גרויסער בארד און מיט א פריינדליכען געזיכט, וועלכער שלעפט אויף זיך א זאק פול מיט שפיעלצייג].

san'tal *n.* (סענ'-טעל) ז. ***sandalwood***.

san'talin *n.* (סענ'-טע-לין) סאנטאלין, דער רויטער פארב=שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון סאנדאל=האלץ.

san'ton *n.* (סענ'-טאן) א מאכמעדאנישער מאנאך אדער הייליגער.

santon'ica *n.* (סענ-טאנ'-אי-קא) א סאנטאניקא [ווערים=קרויט פלאנצע]; א מעדיצין וואס ווערט געמאכט פון די בלומען פון דיעזער פלאנצע.

san'tonin *n.* (סענ׳-טא-נין) סאנטאנין [אזא ביטערליכער שטאף וואס איז ענטהאלטען אין די בלומען פון א סאנטאניקא אדער אין ווערים=קרויט און וואס ווערט בענוצט אלס א מעדיצין צום אבטרייבען ווערים].

san'tonine *n.* (סענ׳-טא-נין) ז. *santonin*

sap *n. and v.* (סעפ) פלאנצען=זאפט [דער זאפט אדער פליסיגקייט וואס צירקולירט אין פלאנצען ווי דאס בלוט ביי לעבעדיגע בעשעפענישען]; זאפט און קראפט; דער אויסערליכער טייל פון האלץ פון א בוים וואס איז אין בעריהרונג מיט דער קארע; אזא שמאלער גראבען וואס ווערט געמאכט צוצוקומען צו א פעסטונג אדער בעלאגערטען פלאץ; א דומער יונג; א מתמיד, א זעהר פלייסיגער שילער; האנדלען ווי א דומער יונג; זיין א פלייסיגער שילער, פלייסיג חזר'ען; אונטערגראבען, אונטערמינעווען; גראבען א צוגאנג צו א פעסטונג.

sapadil'lo *n.* (סעפ-ע-דיל׳-או) ז. *sapodilla*

sap'ajou *n.* (סעפ׳-ע-דזשוה) א מין זידאמעריקאנישע אפע אדער אבעזיאנע; א שפינען=אפע [ז. *spider-monkey*].

sapan'-wood *n.* (סע-פענ׳-הוואוד) ברוין=האלץ [א פארב=האלץ צו פארבען רויט, וואס ווערט גענומען פון אזא קליינעם בוים אין אסט=אינדיען].

sap'ful *a.* (סעפ׳-פול) זאפטיג, פול מיט זאפט.

sap'-green *n.* (סעפ׳-גריען) דאס זאפטגרין [אזא גרינער שטאף וואס ווערט ערהאלטען פון קרייץ=דארן יאגדעס].

sap'head *n.* (סעפ׳-העד) א דומער יונג.

sap'-head'ed *a.* (סעפ׳-העד׳-עד) דום, נאריש.

saphe'na *n.* (סע-פי׳-נא) דער פרויען=אדער, דער מוטער=אדער [א זיכטבארער אדער אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דער פוס=פאלקע]; א נערוו וואס געהט פון דער קניע ביז צום גראבען פוס=פינגער.

saphe'nous *a. and n.* (סע-פי׳-נאס) זיכטבאר, ארויסשטארצענד [ווי אן אדער פון פוס]; וואס איז שייך צו א פוס=אדער אדער צו א פוס=נערוו; א פוס=אדער, א פוס=נערוו.

saphe'nous vein (סע-פי׳-נאס וויין) דער פרויען=אדער, דער מוטער=אדער [א זיכטבארער אדער אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דער פוס=פאלקע]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

sap'id *a.* (סעפ׳-איד) געשמאק; זאפטיג.

sapid'ity *n.* (סע-פיד׳-אי-טי) געשמאקקייט.

sap'idness *n.* (סעפ׳-איד-נעס) ז. *sapidity*

sa'pience *n.* (סיי׳-פי-ענס) פערנונפט, ווייזהייט, קלוגהייט, חכמה; גוטער געשמאק.

sa'piency *n.* (סיי׳-פי-ענ-סי) ז. *sapience*

sa'pient *a.* (סיי׳-פי-ענט) קלוג, וועלטקלוג [מייסטענס אין א איראנישען זין].

sapien'tial *a.* (סיי-פי-ענ׳-שעל) וואס בעזיצט קלוגהייט; וואס איז שייך צו קלוגהייט.

sa'piently *adv.* (סיי׳-פי-ענט-לי) אויף א קלוגער ארט; מיט חכמה.

sap'less *a.* (סעפ׳-לעס) אהן זאפט; טרוקען; פערוועלקט; קראפטלאז.

sap'ling *n.* (סעפ׳-לינג) א יונג בוימעלע; א יונגע פערזאן; א יונגער יאגד=הונד.

sapodil'la *n.* (סעפ-א-דיל׳-א) די זאפאטע [אזא גרויסער אימער=גרינער בוים וואס וואקסט אין דיא הייסע געגענדען פון אמעריקא]; די זאפאטע=פלוים [די פרוכט פון דעם זאפאטע=בוים].

sapodil'la-plum *n.* (סעפ-א-דיל׳-א-פלאם) די זאפאטע=פלוים [די פרוכט פון דער זאפאטע]. ז. *sapodilla*

sapona'ceous *a.* (סעפ-א-ניי׳-שיאס) זייפיג, זייפען=ארטיג, ווי זייף.

saponac'ity *n.* (סעפ-א-נעס׳-אי-טי) זייפיגקייט; דאס זיין ווי זייף.

saponifica'tion *n.* (סע-פאנ-אי-פי-קיי׳-שאן) דאס פערוואנדלען אין זייף [וועגען פעט=שטאפען ווען זיי ווערען פערבונדען מיט אלקאלי].

sapon'ify *v.* (סע-פאנ׳-אי-פאי) פערוואנדלען אין זייף.

sap'onite *n.* (סעפ׳-א-נאיט) דער זייפען=שטיין [א מין ווייכע זייפיגע מאסע וואס געפינט זיך אין די שפאלטען פון פעלזען].

sa'por *n.* (סיי׳-פאר) דער געשמאק.

saporif'ic *a.* (סעפ-א-ריפ׳-איק) וואס גיט א געשמאק.

saporos'ity *n.* (סעפ-א-ראס׳-אי-טי) געשמאקקייט.

sap'orous *a.* (סעפ׳-א-ראס) געשמאק, שמאקהאפט.

sappan'-wood *n.* (סעפ-ענ׳-הוואוד) ז. *sapan-wood*

sap'per *n.* (סעפ׳-ער) א סאפיאר [א סאלדאט וואס איז בעשעפטיגט ביים גראבען און בויען פעסטונגס=ווערק און ביי עהנליכער ארבייט]; אזא דלאט וואס ווערט בענוצט אין זעג=מאשינען צו מאכען רונד דעם קלאץ וואס מען דארף זעגען.

Sap'phic *a. and n.* (סעפ׳-איק) וואס איז שייך צו דער בעריהמטער גריכישער דיכטערין סאפא; א סאפישער פערז [א פאעטישער פערז, ווי די דיכטערין סאפא האט געשריבען].

sap'phire *n. and a.* (סעפ׳-איר) א סאפיר=שטיין; דער קאליר פון א סאפיר=שטיין [בלוי]; וואס האט א קאליר פון א סאפיר=שטיין. ז. איל. *"Gems"*

sap'phirine *a. and n.* (סעפ׳-אי-רין) וואס האט דעם קאליר פון א סאפיר=שטיין; געמאכט פון סאפיר=שטיין; אזא בלאסבלויער אדער גרינליכער מינעראל וואס געפינט זיך אין גרענלאנד.

sap'phism *n.* (סעפ׳-איזם) אוננאטירליכער געשלעכטליכער פערקעהר צווישען א פרוי מיט א פרוי.

sap'piness *n.* (סעפ׳-אי-נעס) זאפטיגקייט; דומהייט, נארישקייט.

sap'py *a.* (סעפ׳-אי) זאפטיג; נאריש, דום.

sap'-rot *n.* (סעפ׳-ראט) א מין שוועמלעך אדער בעטקעס, וואס וואקסען אן אויף בוימער, ווען זיי הויבען אן צו פוילען; אינערליכע צופוילטקייט. ז. *dry-rot*

sap'sago *n.* (סעפ׳-סיי-גאו) אזא זארט הארטער קעז מיט א גרינליכען קאליר, וואס ווערט געמאכט אין דער שווייץ.

sap'sucker *n.* (סעפ׳-סאק-ער) א קליינער האלץ=פיקער [אזא פויגעל].

sap'-wood *n.* (סעפ׳-הוואוד) דער אויבערשטער האלץ=שיכט פון א בוים וואס איז אין בעריהרונג מיט דער קארע.

saque *n.* (סעק) אזא ברייטעם פרויען=קלייד; א מארגען=קלייד, א שלאף=ראק.

sar'aband *n.* (סער׳-ע-בענד) די סאראבאנדע [אזא שפאנישער טאנץ]; די מוזיק פאר דער סאראבאנדע.

sar'abande *n.* (סער׳-ע-בענד) ז. *saraband*

Sar'acen *n.* (סער׳-ע-סען) א סאראצין, אן אראבער; א מאכמעדאנער.

Saracen'ic ar'chitecture (סער-ע-סענ׳-איק אר׳-קי-טעק-טשור) סאראצינישע ארכיטעקטור [די פערשיעדענע פארמען פון דעם מורישען אדער אראבישען בוי=סטיל]. ז. *Moorish art*

saracen'icum *n.* (סער-ע-סענ׳-אי-קאם) ז. *sarcenet*

Sar'acenism *n.* (סער׳-ע-סענ-איזם) מאכמעדאניזם, די מאכמעדאנישע רעליגיאן.

sar'asin *n.* (סער׳-ע-סין) ז. *sarrasin*

sar'casm *n.* (סאר׳-קעזם) סארקאזם, בייסענדער, בייזער אדער פעראכטענדער שפאט, ביטערע איראניע.

sarcas'tic *a.* (סאר-קעס׳-טיק) סארקאסטיש, בייסענד שפאטיש, פעראכטענד שפאטיש, בייז שפאטיש, ביטער איראניש.

sarcas'tical *a.* (סאר-קעס׳-טי-קעל) ז. *sarcastic*

sarcas'tically *adv.* (סאר-קעס׳-טי-קעל-אי) מיט סארקאזם, מיט בייסענדען, בייזען אדער פעראכטענדען שפאט, מיט ביטערער איראניע.

sar'cel *n.* (סאר׳-סעל) דער אויסערליכער טייל פון א פאלק'ס פליגעל; א פעדער פון דעם אויסערליכען טייל פון א פאלק'ס פליגעל.

sarcelle' *n.* (סאר-סעל׳) די קריקענטע [אזא קאטשקע אדער ענטעל].

sarce'net *n.* (סארס׳-נעט) סארסענעט [א מין דינע זייד, וואס ווערט געברויכט אלס אונטערשלאג].

sarci'tis *n.* (סאר-סאי׳-טיס) ענטצינדונג פון די מוסקולען. ז. *myositis*

sar'cocarp *n.* (סאר׳-קא-קארפ) דאס פרוכט=פלייש, דער עסבארער אדער פליישיגער טייל פון א פרוכט [ווי פון א פלוים, בארנע, עפעל א. ז. וו.].

sar'cocol *n.* (סאר׳-קא-קאל) אזא פערזישע אדער אראבישע גומי.

sarcocol'la *n.* (סאר-קא-קאל׳-א) א מין פערזישע אדער אראבישע גומי; אזא גומי=קוסט.

sarcocol'lin *n.* (סאר-קא-קאל׳-אין) ז. *sarcocol*

sarcog'nomy *n.* (סאר-קאג׳-נא-מי) א שטודיום וועגען דער שייכות צווישען דעם גייסט און קערפער אין זייער ענטוויקלונג.

sar'coid *a. and n.* (סאר׳-קאיד) פלייש=ארטיג, פליישיג; א פלייש=ארטיג טיילכעל פון א שוואם.

sar'colite *n.* (סאר׳-קא-לאיט) סארקאליט [א מין רויטליכער מינעראל].

sarcolog'ic *a.* (סאר-קא-לאדזש׳-איק) סארקאלאגיש, וואס איז שייך צו סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון דעם ארגאניזם].

sarcolog'ical *a.* (סאר-קא-לאדזש׳-אי-קעל) ז. *sarcologic*

sarcol'ogist *n.* (סאר-קאל׳-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס

בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון קערפער].

sarcol'ogy *n.* (סאר-קאל'-א-דזשי) סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון קערפער].

sarco'ma *n.* (סאר-קאו'-מא) א פליישי־גער דיסק [ביי פלאנצען]; סארקאמא [א פלייש־אנוואוקס אויף'ן קערפער].

sarcomato'sis *n.* (סאר-קאו-מע-טאו'-סיס) די ענטוויקלונג פון א סארקאמא [א קראנקהאפטער פלייש אנוואוקס אויף'ן קערפער].

sarcom'atous *a.* (סאר-קאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך אדער איז ענליך צו סאר־קאמא. ז. ***sarcoma***

sarcoph'agal *a.* (סאר-קאפ'-ע-געל) פלייש־פרעסענד.

sarcoph'agan *n.* (סאר-קאפ'-ע-גען) א פלייש־פרעסענדעס בייטעל־טהיער. ז. ***Marsupialia***

sarcoph'age *n.* (סאר-קאפ'-איידזש) ז. ***sarcophagus***

sarcoph'agous *a.* (סאר-קאפ'-ע-גאס) פלייש־עסענד; וואס ערנעהרט זיך מיט פלייש.

sarcoph'agus *n.* (סאר-קאפ'-ע-גאס) א סארקאפאג [א שטיינערנע טרונע, הויפט־זעכליך אזעלכע וואס איז בעדעקט מיט ארנאמענטען און אויפשריפטען]; אזא שטיין, פון וועלכען די פארצייטיגע גריכען האבען געמאכט טרונעס].

Sarcophagus

sarcoph'agy *n.* (סאר-קאפ'-ע-דזשי) פלייש־פרעסעריי; דאס ערנעהרען זיך מיט פלייש.

sar'cophile *n.* (סאר'-קא-פיל) א פלייש־פרעסענדע חיה.

sarcoph'ilous *a.* (סאר-קאפ'-אי-לאס) ז. ***sarcophagous***

sarco'sis *n.* (סאר-קאו'-סים) אויסביל־דונג פון פלייש; א פלייש־אנוואוקס, א פלייש־געשווילעכץ.

sarcot'ic *a. and n.* (סאר-קאט'-איק) וואס איז שייך צו א פלייש־אנוואוקס אדער פלייש־געשווילעכץ; וואס פעראורזאכט דעם וואוקס פון פלייש, וואס פראדוצירט פלייש; א מעדיצינישער מיטעל ארויס־צורופען דעם וואוקס פון פלייש.

sar'cous *a.* (סאר'-קאס) פליישיג [הויפטזעכליך וועגען דעם מוסקול־גע־וועב].

sarcula'tion *n.* (סאר-קיו-ליי'-שאן) דאס פאלען, דאס יעטען [דאס ארויסרייסען די אוננויטיגע געוויקסען].

sard *n.* (סארד) דער סארד, דער בלוט־רויטער קארנעאל [א מין עדעלשטיין פון פלייש־קאליר]. ז. ***carnelian***

sar'dachate *n.* (סאר'-דע-קיים) א סאר־דאכאט, דער בלאס־רויטער אגאט, אגאט מיט שיכטען פון דעם סארד אדער בלוט־רויטען קארנעאל [א מין עדעלשטיין פון פלייש־קאליר].

sar'del *n.* (סאר'-דעל) א סארדעל, א סארדינקע; א מין סארדין־ענליכער קליי־נער הערינג.

sar'delle *n.* (סאר'-דעל) ז. ***sardel***

sardine' *n.* (סאר-דין') א סארדעל, א סארדינקע [א קליין פישעל, וואס ווערט געווענליך קאנזערווירט אין אויל]; אן אונוויכטיגע אדער פערעכטליכע פערזאן.

Sardine

sar'dine *n.* (סאר'-דין) דער סארד אדער בלוט־רויטער קארנעאל. ז. ***sard***

sardine'-tongs *n.* (סאר-דינ'-טאהנגז) א סארדין־צווייגעל [ארויסצונעהמען גאנ־צערהייד קאנזערווירטע סארדעלען פון א קעסטעלע].

sar'dius *n.* (סאר'-די-אס) ז. ***sard***

sar'doin *n.* (סאר'-דאין) ז. ***sard***

sardo'nian *a.* (סאר-דאו'-ני-ען) ז. ***sardonic***

sardon'ic *a.* (סאר-דאנ'-איק) סארדא־ניש, קראמפהאפט, געצוואונגען; ביטער איראניש, סארקאסטיש, שפאטיש, גיפטיג, בייז [וועגען א געלעכטער, א שמייכעל, א געזיכטס־אויסדרוק אדער שטימונג].

sardon'ically *adv.* (סאר-דאנ'-אי-קעל-אי) סארדאניש, קראמפפהאפט, געצוואונ־גען, מיט ביטערער איראניע, שפאטענד, גיפטיג, בייז.

sardon'ic grin (סאר-דאנ'-איק גרין) ז. ***sardonic smile***

sardon'ic laugh (סאר-דאנ'-איק לאהף) ז. ***sordonic smile***

sardon'ic smile (סאר-דאנ'-איק סמאיל) א סארדאנישער שמייכעל [א בייז־שפאטישער שמייכעל; ספאזמען אין די געזיכטס־מוסקולען, וועלכע גיבען צו דעם געזיכט דעם אויסדרוק פון א שמיי־כעל].

sar'donyx *n.* (סאר'-דא-ניקס) א סאר־דאניקס [א מין טייערער שטיין, א מין כאלצעדאן אדער אגאט, וועלכער בעשטעהט פון אייניגע רויטע און ברוינע שיכטען געמישט מיט וויים].

sargas'so *n.* (סאר-געס'-או) גאלף־גראז [אזא ים־פלאנצע]. ז. ***gulfweed***

sargas'sum *n.* (סאר-געס'-אם) ז. ***sargasso***

sark *n.* (סארק) א העמד.

sar'lak *n.* (סאר'-לעק) דער גרונץ־אקס, דער יאק [אזא אקס]. ז. ***yak***

sar'lyk *n.* (סאר'-ליק) ז. ***sarlak***

sar'ment *n.* (סאר'-מענט) ז. ***sarmentum***

sarmen'ta *n.* (סאר-מענ'-טא) אויסלוי־פערס, ווארצעל־ראנקען. ז. ***sarmentum***

sarmenta'ceous *a.* (סאר-מענ-טיי'-שיאס) ז. ***sarmentose***

sarmen'tose *a.* (סאר-מענ'-טאוס) וואס בעשטעהט פון אויסלויפערס אדער ווארצעל־ראנקען [א שטענגעל, אויף וועלכען די בלעטלעך קומען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אדער א ווארצעל, פון וועלכען עס וואקסען ארויס אנדערע ווארצלען אין בעשטימטע אינטערוואלען]. ז. ***sarmentum***

sarmen'tous *a.* (סאר-מענ'-טאס) ז. ***sarmentose***

sarmen'tum *n.* (סאר-מענ'-טאם) אן אויסלויפער, א ווארצעל־ראנקע [א שטענ־געל, אויף וועלכען די בלעטלעך קומען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אדער א ווארצעל, פון וועלכען עס וואקסען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אנדערע ווארצלען].



Sarmentum

sarn *n.* (סארן) שטיין־פלאסטער, ברוק.

sar'plar *n.* (סאר'-פלאר) א פאק אדער זאק וואל [2240 פונט]; פאק־לייוועגד.

sar'pler *n.* (סאר'-פלער) ז. ***sarplar***

sar'rasin *n.* (סער'-ע-סין) א פאל־גראטע, א פאל־טויער. ז. ***portcullis***

sar'rasine *n.* (סער'-ע-סין) ז. ***sarrasin***

sar'razin *n.* (סאר'-ע-זין) בוך־ווייץ, רעטשקע, גריקע. ז. ***buckwheat***

sarsaparil'la *n.* (סאר-סע-פע-ריל'-א) סאסאפארילע [אזא פלאנצע מיט שמע־קענדע ווארצלען, וועלכע ווערען געברויכט אין מעדיצין]; א מעדיצינישער פרעפא־ראט פון סאסאפארילע־ווארצעל.

Sarsaparilla

sarse'net *n.* (סארס'-נעט) ז. ***sarcenet***

sart *n.* (סארט) א שטיקעל וואלד־לאנד פערוואנדעלט אין אקער־לאנד.

sart'age *n.* (סארט'-איידזש) דאס אב־רייניגען לאנד פון וואלד [ווי דורך פייער], אום עס צו פערוואנדלען אין אקער־לאנד.

sarticruræ'us *n.* (סאר-טי-קרו-ריע'-אם) דער שניידער־מוסקול. ז. ***sartorius***

sar'tor *n.* (סאר'-טאר) א שניידער; א לאטוטניק.

sarto'rial *a.* (סאר-טאו'-רי-על) שניי־דעריש, וואס איז שייך צו א שניידער אדער צו שניידעריי.

sarto'rial art (סאר-טאו'-רי-על ארט) די שניידער־קונסט.

sarto'rii *n.* (סאר-טאו'-רי-אי) שניידער־מוסקולען. ז. ***sartorius***

sarto'rius *n.* (סאר-טאו'-רי-אם) דער שניידער־מוסקול [דער לענגסטער מוסקול אין מענשליכען קערפער וואס געהט דורך די פאלקע].

sash *n. and v.* (סעש) א שארף, א גארטעל, א פאס; א פענסטער־ראהם; א שויבען־ראהם; די הילצערנע איינפאסונג פון א זעג, וואס לאזט זי זיך ניט בויגען; ארייגשטעלען שויבען־ראהמען; אנטהאן א שארף אדער פאס.

sash'-bar *n.* (סעש'-באר) דאס קווער־האלץ פון א פענסטער־ראהם.

sash'-door *n.* (סעש'-דאור) א טהיר מיט שויבען.

sash'-frame *n.* (סעש'-פריים) די ראהם, אויף וועלכער עס הענגט א פענסטער־ראהם.

sash'-line *n.* (סעש'-לאין) א פענסטער־שטריק [א שטריק, אויף וועלכען עס האלט זיך א פענסטער־ראהם].

sash'-saw *n.* (סעש'-סאה) א שליעס־זעג, אן איינגעפאסטע זעג; א קליינע זעג צום אויסשניידען א שויבען־ראהם.

sash'-tool *n.* (סעש'-טוהל) אזא קליינע פארב־בארשט.

sash'-win'dow *n.* (סעש'-הווינ'-דאו) א פענסטער וואס מען קען עפענען.

sa'sine *n.* (סיי'-סין) דאס איבערגעבען אין געזעצליכען בעזיץ גרונד־אייגענטום; דער דאקומענט וועגען איבערגעבען גרונד־אייגענטום אין געזעצליכען בעזיץ.

sass *n. and v.* (סעס) סאוס, זופ; גרינסען, זופ־גרינסען; חוצפה, פרעכהייט; ריידען אדער ענטפערען מיט פרעכהייט.

sas'saby *n.* (סעס'-ע-בי) אזא גרויסער אפריקאנישער אנטילאפ.

sas'safras *n.* (סעס'-ע-פרעס) דער סאסאפראס [א נארד־אמעריקאנישער בוים, וואס דערגרייכט אפט א הויך פון 45 פוס. די שמעקענדע ווארצלען פון דעם סאספראס גיבען ארויס אן אויל און ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Sas'senach *n.* (סעס'-ע-נעך) אן אנגלא־זאקס, אן ענגלענדער.

sas'solin *n.* (סעס'-א-לין) נאטירליכע באר־זויערע. ז. *boracic acid*

sas'soline *n.* (סעס'-א-לין) ז. *sassolin*

sas'solite *n.* (סעס'-א-לאיט) ז. *sassolin*

sas'sorol *n.* (סעס'-א-ראל) ז. *rock-pigeon*

sassorol'la *n.* (סעס-א-ראל'-א) ז. *rock-pigeon*

sas'tra *n.* (סאס'-טרא) ז. *shaster*

Sat. אבקירצונג פון *Saturday*

sat (סעט) געזעסען. ז. *sit*

They sat down to talk over the situation.

Sa'tan *n.* (סיי'-טען) דער טייוועל, דער שטן.

satan'ic *a.* (סע-טענ'-איק) טייוועלש; וואס איז שייך צום שטן אדער טייוועל.

satan'ical *a.* (סע-טענ'-אי-קעל) ז. *satanic*

satan'ically *adv.* (סע-טענ'-אי-קעל-אי) טייוועלש; מעשה שטן.

satan'icalness *n.* (סע-טענ'-אי-קעל-נעס) טייוועלדיגקייט, דאס זיין טייוועלש.

satan'ic school (סע-טענ'-איק סקוהל) די טייוועלשע שוהל [אזוי האבען די געגנער אנגערופען די ליטעראַרישע ריכטונג, וועלכע איז געווען פערטראטען פון בייראן, שעלי און אנדערע].

sa'tanism *n.* (סיי'-טענ-איזם) טייוועלדיגקייט, טייוועלשע נייגונגען, א טייוועלשער כאראקטער, א טייוועלשער אויפטהו.

sa'tanist *n.* (סיי'-טענ-איסט) אן אנהענגער פון שטן; א טייוועל, א שלעכטער, פערדארבענער מענש.

satch'el *n.* (סעטש'-על) א רענצעל, א האנד־רענצעל, א ביכער־רענצעל, א זאק־וואיאזש.

sate *v.* (סייט) זעטיגען, זאט מאכען; איבערזעטיגען; איבערפילען.

sateen' *n.* (סע-טין') סאטין [א גלאנציגע קליידער־ווארע עהנליך צו אטלאס].

sate'less *a.* (סייט'-לעס) אונערזעטליך, וואס קען זיך ניט אנזעטיגען; וואס קען זיך ניט בעפרידיגען.

sat'ellite *n.* (סעט'-ע-לאיט) א לייב־וועכטער; א בעגלייטער; א נעבען־פלאנעט [א קלענערער פלאנעט וואס דרעהט זיך ארום א גרעסערען].

sat'ellite-sphinx *n.* (סעט'-ע-לאיט-ספינקס) אזא גרויסער, שעהנער אבענד־שמעטערלינג.

sat'ellite-vein *n.* (סעט'-ע-לאיט-וויין) אן אדער, וואס געהט צוזאמען מיט אן ארטעריע.

satelli'tium *n.* (סעט-ע-ליש'-אי-אם) בעגלייטונג; וואך.

satiabil'ity *n.* (סיי-שיע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אנגעזעטיגט ווערען; בעפרידיגטקייט.

sa'tiable *a.* (סיי'-שיעבל) וואס קען געזעטיגט ווערען; וואס קען בעפרידיגט ווערען.

sa'tiate *v. and a.* (סיי'-שי-אייט) זעטיגען; איבערזעטיגען; איבערפילען; בעפרידיגען; אנגעזעטיגט; איבערגעזעטיגט, איבערפילט.

satia'tion *n.* (סיי-שי-איי'-שאן) אנזעטיגונג, אנגעזעטיגטקייט.

sati'ety *n.* (סע-טאי'-ע-טי) איבערגעזעטיגטקייט.

sat'in *n., a. and v.* (סעט'-אין) אטלאס; געמאכט פון אטלאס; עהנליך צו אטלאס; מאכען עהנליך צו אטלאס, מאכען גלאט און גלאנציג.

schol'ar *n.* (סקאל'-אר) א שילער, א סטודענט; א געלעהרטער, א למדן, א קענער.

schol'arly *a.* (סקאל'-אר-לי) געלעהרט; ווי עס פאסט פאר א למדן.

schol'arship *n.* (סקאל'-אר-שיפ) גע-לעהרזאמקייט, ערודיציאן; בילדונג, ער-ציהונג; סטיפענדיע, א סומע געלד וואס ווערט געצאהלט צו א סטודענט, אום ער זאל האבען די מעגליכקייט צו ענדיגען דעם קורס פון למודים.

scholas'tic *a. and n.* (סקא-לעס'-טיק) שוהל-מעסיג; וואס איז שייך צו א שוהל אדער געלעהרטען; געלעהרט; סכאלאס-טיש, וואס איז שייך צו דער סכאלאסטי-שער פילאזאפיע פון מיטעלאלטער; קאלט, אהן געפיהל, טרוקען, פארמאליסטיש, פע-דאנטיש; א שוהל-געלעהרטער, א למדן; א סכאלאסטיקער, איינער וואס גיט זיך אב מיט רעליגיעזע פראגען אין גייסט פון דער מיטעלאלטערליכער סכאלאסטיק. ז. ***scholasticism***.

scholas'tical *a. and n.* (סקא-לעס'-טי-קעל) ז. ***scholastic***

scholas'tically *adv.* (סקא-לעס'-טי-קעל-אי) אויף א סכאלאסטישען שטייגער; לויט דער מעטאדע פון די מעטאפיזישע שוהלען פון מיטעלאלטער.

scholas'ticism *n.* (סקא-לעס'-טי-סיזם) די סכאלאסטיק, די מיטעלאלטערליכע עק-לעקטישע פילאזאפיע, וועלכע איז געווען א מיז פעראייניגונג פון אריסטאטעל'ס פי-לאזאפיע מיט די רעליגיאנס-לעהרען פון די פאטערס פון דער קריסטליכער קירך; טרוקענער, אינהאלטלאזער און נוצלאזער פלפול.

scho'lia *n.* (סקאו'-לי-א) סכאליומס. ז. ***scholium***.

scho'liast *n.* (סקאו'-לי-עסט) א סכאלי-אסט, איינער וואס שרייבט קורצע בעמער-קונגען אדער פירושים אויף די זייטען פון די ספרים פון די אמאליגע שרייבער; אן ערקלערער, א פירוש-מאכער.

scholias'tic *a.* (סקאו-לי-עס'-טיק) סכאליאסטיש, וואס איז שייך צו א סכא-ליאסט. ז. ***scholiast***.

scho'lion *n.* (סקאו'-לי-אן) ז. ***scholium***.

scho'lium *n.* (סקאו'-לי-אם) א סכא-ליום, א קורצע בעמערקונג אדער פירוש אויף דער זייט פון א ספר [ספעציעל פון אן אלט-גריכישען אדער לאטיינישען ספר].

school *n., v. and a.* (סקוהל) א שול, א לעהר-אנשטאלט; דאס שול-הויז; דאס לערנען, דער אונטערריכט; בילדונג, גע-לעהרזאמקייט; די שוהלע, די שטה; א רעליגיעזע סעקטע; א מחנה פיש; אונ-טערריכטען, לערנען, בילדען; ערציהען; דיסציפלינירען; שווימען אין א מחנה, בילדען א מחנה [ווענען פיש]; וואס איז שייך צו א שול, פון א שול.

school'-board *n.* (סקוהל'-באורד) א שול-קאמיטעט [א ספעציעלער קאמיטעט אין א שטאדט אדער דארף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די שול-ערציהונג פון די קינדער].

school'-book *n.* (סקוהל'-בוק) א שול-בוך, א בוך פאר שול-קינדער.

school'-boy *n.* (סקוהל'-באי) א שול-אינגעל, א חדר-אינגעל.

school'-bred *a.* (סקוהל'-ברעד) וואס האט בעקומען א שול-ערציהונג.

school commis'sioner (סקוהל קא-מיש'-אנ-ער) א בעאמטער וואס פערוואל-טעט איבער די ענינים פון פאלקס-ביל-דונג אין א שטאאט, שטאדט אדער שול-בעצירק.

school'-commit'tee *n.* (סקוהל'-קא-מיט'-אי) א קאמיטעט וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די פאלקס-שולען פון שטאדט אדער דיסטריקט.

school'-dame *n.* (סקוהל'-דיים) ז. ***schoolmistress***

school'-days *n.* (סקוהל'-דייז) די לע-בענס-צייט אדער די יאהרען ווען מען לערענט אין שול.

school'-dis'trict *n.* (סקוהל'-דיס'-טריקט) דער שול-בעצירק, איינער פון די בעצירקען, אויף וועלכע א שטאדט איז צוטיילט בנוגע צום בויען און פערוואלטען די פאלקס-שולען.

schooled in adver'sity (סקוהלד אין עד-וואיר'-סי-טי) געפרובט אין אונגלי-קען, דורכגעמאכט פיעל צרות.

school'-fel'low *n.* (סקוהל'-פעל'-או) א שול-חבר, א שול-קאמעראד.

school'-fish *n.* (סקוהל'-פיש) א פיש, וואס האט א געוועהנהייט זיך צו האלטען אין מחנות.

school'-girl *n.* (סקוהל'-גוירל) א שול-מיידעל; א מיידעל, וואס לערענט אין שול.

school'-house *n.* (סקוהל'-האוס) א שול-הויז, א שול-געביידע.

school'ing *n.* (סקוה'-לינג) אונטער-ריכט; שול-געלד; שכר לימוד; טאדלונג, דאס אויס'מוסר'ען.

school'maid *n.* (סקוהל'-מייד) ז. ***school-girl***

school'man *n.* (סקוהל'-מען) א לעה-רער, א פעדאגאג; א לעהרער פון א מי-טעלאלטערליכער אוניווערזיטעט אדער אנדערער לעהר-אנשטאלט; א סכאלאסטי-קער. ז. ***scholastic***.

school'master *n.* (סקוהל'-מעס-טער) א שול-דירעקטאר, א שול-האלטער.

school'mate *n.* (סקוהל'-מייט) א שול-חבר, איינער אדער איינע וואס בעזוכט דיעזעלבע שול.

school'mistress *n.* (סקוהל'-מיס-טרעס) א שול-לעהרערין; א דירעקטארין אדער פערוואלטערין פון א שול.

school'-name *n.* (סקוהל'-ניים) אן אב-סטראקטער אויסדרוק, אן אבסטראקציאן; א ווארט וואס בלויז געלעהרט'ע געברויכען.

school of design' (סקוהל ז:ו די-זאין') א צייכנונגס-שול. ז. ***academy of design***.

school'-pence *n.* (סקוהל'-פענס) א קליינע וועכענטליכע שול-אבצאהלונג אדער שכר-למוד [אין ענגלאנד].

school'-room *n.* (סקוהל'-רוהם) 1. ט לעהר-צימער, א שול-הויז; 2. שולען, שול-פלעצער.

2\. The city needs more school-room.

school'-ship *n.* (סקוהל'-שיפ) א שיף וואס ווערט בענוצט צו לערנען די נאווי-גאציאנס-קונסט.

school'-taught *a.* (סקוהל'-טאהט) וואס האט געלערענט אין א שול; וואס האט בעקומען שול-בילדונג; וואס האט בעקו-מען סיסטעמאטישע בילדונג.

school'-tea'cher *n.* (סקוהל'-טיע'-טשער) א שול-לעהרער.

school'-tea'ching *n.* (סקוהל'-טיע'-טשינג) שול-אונטערריכט.

school'-time *n.* (סקוהל'-טאים) די שול-צייט, די צייט ווען א שול איז אפען; די שול-יאהרען; די לעבענס-צייט, ווען מען לערענט אין שול.

schoo'ner *n.* (סקוה'-נער) [א שקונע א צוויי-מאסטיגע שיף [ז. איל.]; א פריירי-שקונער, א פריירי-בויד [א וואגען מיט א בויד, אין וועלכען עמיגראנטען פלעגען פאהרען אין די נארד-אמעריקאנישע סטע-פעם]; א הויכעס ביער-גלאז.

Schooner

schorl *n.* (שאהרל) דער שווארצער טור-מאלין [א מין שטיין].

schorla'ceous *a.* (שאהר-ליי'-שיאס) וואס ענטהאלט טורמאלין. ז. ***schorl***

schor'lous *a.* (שאהר'-לאס) וואס איז שייך צו טורמאלין. ז. ***schorl***

schot'tische *n.* (שאט'-איש) א טאנץ, ענהליך צו א פאלקא; די מוזיק פאר דיע-זען טאנץ.

schout *n.* (סקאוט) א מאגיסטראט פון

א פארשטעטעל אדער דארף; א לאנד־ריכטער; א שעריף [אין די ערשטע הא־לענדישע קאלאניעס פון אמעריקא].

sci'agraph *n. and v.* (סאי־ע־גרעף) א געאמעטרישע צייכנונג וועלכע שטעלט פאר א ווערטיקאלען דורכשניט פון א גע־ביידע צו ווייזען דעם אינוועניגסטען אויס־זעהן; א פאטאגראפיע וואס איז גענומען מיט רענטגען־שטראהלען [עקס־שטראה־לען]; נעהמען א פאטאגראפיע מיט עקס־שטראהלען.

sciagraph'ic *a.* (סאי־ע־גרעפ־איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון שאטירען צייכנונגען [ז. *sciagraphy*]; וואס איז פאטאגראפירט דורך עקס־שטראהלען.

sciagraph'ical *a.* (סאי־ע־גרעפ־אי־קעל) ז. *sciagraphic*.

sciagraph'ically *adv.* (סאי־ע־גרעפ־אי־קעל־אי) אין בעצוג צו דער קונסט פון שאטירען צייכנונגען. ז. *sciagraphy*.

sciag'raphy *n.* (סאי־עג־רע־פי) די קונסט פון שאטירען צייכנונגען, די קונסט ריכטיג צו פערטיילען ליכט און שאטען אויף א צייכנונג; א צייכנונג וואס שטעלט פאר דעם דורכשניט אדער די זייטען־אנ־זיכט פון א געביידע; אין אסטראנאמיע — די קונסט צו בעשטימען די צייט פון טאג און נאכט לויט דעם שאטען; פאטאגרא־פיע מיט דער הילף פון עקס־שטראהלען [רענטגען־שטראהלען].

sciam'achy *n.* (סאי־עמ־ע־קי) א קאמפף מיט'ן אייגענעם שאטען, א קאמפף מיט אן איינגעבילדעטען שונא.

sciam'etry *n.* (סאי־עמ־ע־טרי) די לעהרע וועגען פערפינסטערונגען פון דער זון און פון דער לבנה [לקוי חמה און לקוי לבנה].

sciather'ic *a. and n.* (סאי־ע־טהער־איק) וואס איז שייך צו א זונען־אוהר; דאס מאכען זונען־זייגערס; דאס בעשטי־מען די צייט דורך א זונען־זייגער.

sciather'ical *a.* (סאי־ע־טהער־אי־קעל) וואס איז שייך צו א זונען־אוהר.

sciather'ically *adv.* (סאי־ע־טהער־אי־קעל־אי) אויף דער ארט פון א זונען־זייגער.

sciat'ic *a. and n.* (סאי־עט־איק) וואס געהערט צו די היפטען; א היפטען־נערוו; היפטען־שמערץ.

sciat'ica *n.* (סאי־עט־אי־קא) היפטען־שמערץ, היפטען־וועהטאג.

sciat'ical *a.* (סאי־עט־אי־קעל) וואס ליידט פון היפטען־שמערץ; וואס איז שייך צו א היפטען־נערוו.

sciat'ically *adv.* (סאי־עט־אי־קעל־אי) דורך היפטען־וועהטאג.

scib'ile *n.* (סיב־אי־לע) עטוואס וואס מען קען בענעהמען, בעגרייפען אדער משיג זיין.

sci'ence *n.* (סאי־ענס) וויסענשאפט; קענטניס; קונסט; געשיקטליכקייט.

scien'ter *adv.* (סאי־ענ־טער) וויסענ־דיג, במזיד.

scien'tial *a.* (סאי־ענ־שעל) וואס איז שייך צו וויסענשאפט אדער קענטניס; וויסענשאפטליך.

scienti'cian *n.* (סאי־ענ־טיש־ען) א וויסענשאפטס־מאן.

scientif'ic *a.* (סאי־ענ־טיפ־איק) ווי־סענשאפטליך; געלעהרט, געלערענט.

scientif'ically *adv.* (סאי־ענ־טיפ־אי־קעל־אי) אויף א וויסענשאפטליכען אופן; אין בעצוג צו די כללים פון דער וויסענ־שאפט.

sci'entist *n.* (סאי־ענ־טיסט) א ווי־סענשאפטס־מאן, א געלעהרטער.

scientis'tic *a.* (סאי־ענ־טיס־טיק) וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסענשאפט, כלומר'שט וויסענשאפטליך.

scien'tolism *n.* (סאי־ענ־טא־ליזם) כלומר'שדיגע וויסענשאפט, פאלשע וויסענ־שאפט.

scil. אבקירצונג פון *scilicet* [נעמליך].

scil'icet *adv.* (סיל־אי־סעט) נעמליך.

scim'itar *n.* (סימ־אי־טאר) ז. *scimiter*.

scim'iter *n.* (סימ־אי־טער) אזא קרומער טערקישער זעבעל.

scintil'la *n.* (סינ־טיל־א) א פונק; א קליין טיילכעלע, א טראפען, א קליין ביסעלע.

scin'tillant *a.* (סינ־טי־לענט) שפרי־צענד פונקען, פינקלענד; וואס שפריצט מיט פונקען.

scin'tillate *v.* (סינ־טי־לייט) שפריצען פונקען; פינקלען.

scintilla'tion *n.* (סינ־טי־ליי־שאן) דאס שפריצען פונקען; דאס פינקלען; א פונק.

scin'tillously *adv.* (סינ־טי־לאס־לי) פינקעלדיג.

sciog'raphy *n.* (סאי־אג־רע־פי) ז. *sciagraphy*.

sci'olism *n.* (סאי־א־ליזם) אויבער־פלעכליכע אדער כלומר'שדיגע קענטניסע.

sci'olist *n.* (סאי־א־ליסט) אן אויבער־פלעכליכער קענער, א כלומר'שדיגער גע־לעהרטער.

sciolis'tic *a.* (סאי־א־ליס־טיק) וואס האט אויבערפלעכליכע קענטניסע; וואס איז כלומר'שדיג וויסענשאפטליך.

sci'olous *a.* (סאי־א־לאס) אויבערפלעכ־ליך.

sciom'achy *n.* (סאי־אמ־ע־קי) ז. *sciamachy*.

sci'omancy *n.* (סאי־א־מענ־סי) וואהר־זאגונג אדער כשוף דורך שאטענס.

sci'on *n.* (סאי־אן) א צווייג, א צוויי־געל; א צווייגעל וואס איז אבגעשניטען געווארען, אום עס אריינצופלאנצען אין אן אנדער בוים; אן אבשטאם.

sciop'tic *a.* (סאי־אפ־טיק) וואס איז שייך צו א קאמערא אבסקורא [א פינ־סטערע קאמער פאר פאטאגראפישע אב־בילדונגען] אדער צו דער קונסט אויפצו־נעהמען ליכט־בילדער מיט דער הילף פון א קאמערא אבסקורא.

sciop'tic ball (סאי־אפ־טיק באהל) א בעוועגליכער הילצערנער באל אין וועל־כען עס איז איינגעפאסט א גלאז־לינזע ווי פון א פאטאגראפישען אפאראט [ווערט געברויכט פאר פאטאגראפישע צוועקען].

sciop'tics *n.* (סאי־אפ־טיקס) די קונסט פון אויפנעהמען ליכט־בילדער מיט דער הילף פון א קאמערא אבסקורא [א פינ־סטערע קאמער].

sci'otheism *n.* (סאי־א־טהי־איזם) גייסטער־פערגעטערונג, די פערגעטערונג פון די גייסטער פון די פערשטארבענע עלטערען און אור־עלטערען.

sci're fa'cias (סאי־רי פיי־שי־עס) א געריכטס־בעפעהל אויסצופיהרען אן אור־טייל.

scir'rhoid *a.* (סקיר־איד) וואס איז ענליך צו א פערהארטעוועטער געשווי־לעכץ.

scirrhos'ity *n.* (סקי־ראס־אי־טי) א קראנקהאפטע פערהארטונג [ווי פון א דריזע א. ד. ג.].

scir'rhous *a.* (סקיר־אס) פערהארטע־וועט [וועגען א געשווילעכץ, א דריזע א. ד. ג.]; וואס קומט פון א פערהארטונג.

scir'rhus *n.* (סקיר־אס) א פערהארטע־וועטער אנוואוקס, א פערהארטעוועטע גע־שווילעכץ.

scis'sel *n.* (סיס־על) מעטאל־אבפאל [שטיקלעך מעטאל וואס פאלען אב ביים אויסארבייטען מעטאלענע געגענשטענדע]; שטיקלעך בלעך וואס פאלען אב ביים אויס־שניידען רונדע בלעך־פלאטען.

scis'sible *a.* (סיס־איבל) וואס קען געשניטען אדער צושניטען ווערען.

scis'sil *n.* (סיס־איל) ז. *scissel*.

scis'sile *n. and a.* (סיס־איל) מעטאל־אבפאל; וואס מען קען שניידען אדער שפאלטען.

scis'sion *n.* (סיש־אן) צו־צושניידונג, צוטיילונג, צושפאלטונג.

scis'sor *v.* (סיז־אר) שניידען מיט א שער.

scis'sorbill *n.* (סיז־אר־ביל) דער שערען־שנאבעל [אזא פויגעל מיט א לאנ־גען שער־פערמיגען שנאבעל].

Scissorbill

scis'sors *n.* (סיז־ארז) א שער.

scis'sors-grin'der *n.* (סיז־ארז־גראינ־דער) א שערען־שלייפער.

scis'sortail *n.* (סיז־אר־טייל) אזא אמעריקאנער פויגעל מיט א לאנגען שער־פערמיגען עק.

scis'sorwise *adv.* (סיז־אר־הוואיז) אזוי ווי א שער.

scis'sure *n.* (סיש־אור) א שפאלט, א ריס.

scitamin'eous *a.* (סיט־ע־מינ־אי־אס) וואס געהערט צו די געווירץ־ליליען.

sciu'rid *n.* (סאי־יו־ריד) א וועווערקע.

Sciu'ridæ *n.* (סאי־יו־רי־דיע) דער מין גריזשענדע חיות צו וועלכע עס געהערען וועווערקעס, מורמעל־טהיערע א. ד. ג.

sci'urine *a. and n.* (סאי־יו־רין) ענ־ליך צו א וועווערקע; א וועווערקע.

sciu'roid *a. and n.* (סאי־יו־ראיד) ז. *sciurine*.

Sciu'rus *n.* (סאי־יו־ראס) אזא מין ווע־ווערקעס מיט א לאנגען און האריגען עק.

Sclav *n.* (סקלאוו) ז. *Slav*.

Sclave *n.* (סקלאוו) ז. *Slav*.

Sclav'ic *a.* (סקלאוו־איק) ז. *Slavic*.

Sclavo'nian *a. and n.* (סקלע־וואו־ני־ען) ז. *Slavonian*.

scle'ra *n.* (סקלי־רא) די הארטע הויט פון דעם אויג־אפעל.

scle'roderm *n. and a.* (סקלי־רא־דוירם) דער הארט־הויטער [אזא פיש וואס זיין הויט איז שארסטיג און הארט]; די פערהארטעוועטע מאסע פון קאראלען; קא־ראלען; הארט־הויטיג, וואס האט א האר־טע בעדעקונג.

scleroder'matous *a.* (סקלי־רא־דויר־

מע-טאס) הארט=הויטיג; וואס האט א הארטע איבערדעקונג; וואס ליידט פון הויט=פערהארטונג.

scleroder'mia *n.* (סקלי-רא-דויר'-מי-א) א הויט=פערהארטונג.

scleroder'mous *a.* (סקלי-רא-דויר'-מאס) ז. ***sclerodermatous***

scle'rogen *n.* (סקלי'-רא-רזשען) אין באטאניק — דער האלץ=פאזער=שטאף וואס זעצט זיך אב אויף דער אינערליכער פלע=כע פון די צעלען פון געוויסע פלאנצען און מאכט זיי דיקער, ווי צ. ב. אין דער שאלעכץ פון וועלישע נים; האלץ=פאזער=שטאף.

scle'roid *a.* (סקלי'-ראיד) אין באטא=ניק — וואס האט א הארטען געוועב, ווי די שאלעכץ פון נים; אין זאאלאגיע — פערהארטעוועט.

sclerome'ninx *n.* (סקלי-רא-מיע'-נינקס) ז. ***dura mater***

sclerom'eter *n.* (סקלי-ראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די הארט=קייט פון מינעראלען.

scle'rosed *a.* (סקלי'-ראוסט) אונגאטיר=ליך הארט, פערהארטעוועט.

sclero'sis *n.* (סקלי-ראו'-סים) א קרענק=ליכע פערדיקונג און פערהארטונג פון דער הויט אדער פון דעם צעלען=געוועב; אין באטאניק — די פערדיקונג און פערהאר=טונג פון דעם ווענטעל פון א צעלע [ווי שאלעכץ].

sclerot'ic *a.* and *n.* (סקלי-ראט'-איק) הארט, פערהארטעוועט [בעזאנדערס ווע=גען דער אויסערליכער הויט פון אויג]; דאס ווייסעל פון אויג; א פערהארטונגס=מיטעל, א מעדיצין וואס פערהארטעוועט.

sclerot'ica *n.* (סקלי-ראט'-אי-קא) דאס ווייסעל פון אויג.

scle'rous *a.* (סקלי'-ראס) הארט.

scoat *v.* (סקאוט) ז. ***scote***

sco'biform *a.* (סקאו'-בי-פארם) ווי זעג=שטויב, ווי פייל=שטויב.

scobs *n.* (סקאבז) זעג=שטויב; פייל=שטויב; מעטאל=אבפאל, פסלת.

scoff *v.* and *n.* (סקאהף) שפאטען, חוזק מאכען, פערשפאטען; שפאט, חוזק.

scoff'er *n.* (סקאהפ'-ער) א שפאטער, א חוזק=מאכער.

scoff'ing *a.* (סקאהפ'-אינג) שפאטענד, שפאטיש.

scoff'ingly *adv.* (סקאהפ'-אינג-לי) מיט שפאט, מיט חוזק; אבשפאטענדיג.

scold *v.* and *n.* (סקאולד) שילטען, זיד=לען; זיך קריגען; איינער וואס שילט, זידעלט אדער קריגט זיך; אן ארורה, א סעדיכע, א שילטערקע; א זידלעריי, א שילטעריי, א קריגעריי.

scol'der *n.* (סקאול'-דער) א זידלער, א שילטער.

scol'ding *a.* and *n.* (סקאול'-דינג) זיד=לענד, שילטענד; זידלעריי, שילטעריי.

scol'ecite *n.* (סקאל'-אי-סאיט) סקאל=ציט [אזא מינעראל].

scol'lop *n.* and *v.* (סקאל'-אפ) ז. ***scallop***

scol'loped *a.* (סקאל'-אפט) ז. ***scalloped***

scolopen'dra *n.* (סקאל-א-פענ'-דרא) אזא פאבעלהאפטע מורא'דיגע ים=בעשע=פעניש.

Scom'ber *n.* (סקאמ'-בער) דער מין מאק=רעלען. ז. ***mackerel***

scom'beroid *a.* and *n.* (סקאמ'-בע-ראיד) ז. ***scombroid***

scom'broid *a.* and *n.* (סקאמ'-בראיד) וואס איז ענליך צו א מאקרעל=פיש; א פיש פון דעם מין מאקרעלען.

sconce *n.* and *v.* (סקאנס) א שוץ=דעקע; א באלווערק, א פארט, א שוץ=פעסטונג; א העלם, א היטעל; דער קאפ, דער שאר=פען, דער שיידעל; שכל, פערשטאנד, מח; א געלד=שטראף; א געלד=שטייער; אן אבדאך; א שירמע; אן אייז=קריהע; א פינסטערע לאנטערנע; א לאנטערנע; א וואנד=לייכטער; דאס רעהרעל פון א לייכ=טער וואו מען שטעלט אריין דאס ליכט; בעדעקען, בעשיצען; בעפעסטיגען; ארויפ=לעגען א געלד=שטייער אדער א געלד=שטראף.

scoop *n.* and *v.* (סקוהפ) א שויפעל; א טיעפער שויפעל מיט א קורצען הענטעל; אן אויסהוילונג; א לאך; א שפאטעל [א שויפעל אדער לעפעל=פערמיגער כי=רורגישער אינסטרומענט]; א פעטע מטבע וואס איז געכאפט געווארען פון א ספע=קולאציע אדער אויף אן עהנליכען אופן; דאס שויפלען, דאס שעפען; דאס פערכא=פען א זעהר וויכטיג שטיקעל נייעס דורך א צייטונג פריהער ווי אלע אנדערע ציי=טונגען; אויסשויפלען, אויסשעפען; צו=נויפכאפען, צונויפשארען ווי מיט א שוי=פעל [דורך שווינדעל אדער גוואלט]; אויסלעדיגען; אויסהוילען, אויסגראבען; פאנגען מיט א נעץ, ארויסשלעפען מיט א נעץ [וועגען אויסטערס]; אויסכאפען א וויכטיג שטיקעל נייעס און פערעפענט=ליכען פריהער ווי אלע אנדערע צייטונגען; עסען אויף דער מאניער פון א וואל=פיש.

scoo'per *n.* (סקוה'-פער) א שויפלער; אן אויסשעפער; אזא רונדער אויסגע=הוילטער דלאט וואס ווערט בענוצט ביים גראווירען אויף האלץ; אזא פויגעל מיט א שויפעל=עהנליכען שנאבעל.

scoo'ping *n.* (סקוה'-פינג) אויסשעפונג; דאס אויסשעפען; דער אופן ווי א וואל=פיש עסט.

scoop'-net *n.* (סקוהפ'-נעט) א נעץ מיט וועלכען מען רייניגט דעם גרונט פון א טייך; א קליינער האנד=נעץ צום כא=פען פיש.

scoop out (סקוהפ אוט) אויסלעדיגען, אויסשעפען; אויסהוילען, אויסגראבען.

scoop'-wheel *n.* (סקוהפ'-הוויעל) אזא ראד ארומגעהאנגען מיט עמערס אדער שויפלען צו שעפען וואסער.

scoot *v.* and *n.* (סקוהט) שנעל לויפען; פליהען ווי א פייל פון בויגען; עטוואס טרייבען אדער שיקען מיט א גרויסער שנעלקייט; א שנעלע פלעצליכע בעוועגונג, א פליה, א יאג; איינער אדער עטוואס וואס לויפט שנעל.

scoo'ter *n.* (סקוה'-טער) איינער אדער עטוואס וואס לויפט שנעל.

scope *n.* (סקאופ) רוים; פלאץ; אומ=פאנג; גרוים, לענג, אויסדעהנונג; א גע=זיכטס=פונקט; אן אבזיכט, א ציעל, אן ענד=ציעל.

scope'less *a.* (סקאופ'-לעס) צוועקלאז, נוצלאז.

scopif'erous *a.* (סקא-פיפ'-ע-ראס) בארשטיג, ווי א בארשט, ווי א בעזים.

sco'piform *a.* (סקאו'-פי-פארם) בעזים=פערמיג, ווי א בעזים, ווי א בארשט.

scorbu'tic *a.* and *n.* (סקאר-ביו'-טיק) קראנק אויף סקארבוט, וואס ליידט פון סקארבוט [ז. *scurvy*]; פארכעוואטע, פארשיווע; א פערזאן וואס איז קראנק אויף סקארבוט.

scorbu'tically *adv.* (סקאר-ביו'-טי-קעל-אי) מיט סקארבוט, ליידענדיג פון סקארבוט. ז. ***scurvy***

scorch *v.* (סקאהרטש) 1. פערסמאליען; פערברענען; אבברענען [ווי פון דער זון]; צוטריקענט ווערען, צוברענט ווע=רען; אויסדארען; 2. שטעכענד [מיט אווארט]; 3. זיך בעוועגען אדער גע=טריבען ווערען מיט א גרויסער שנעלקייט.

3. The bicycle rider scorched through the city.

scorched *a.* (סקאהרטשט) פערברענט, פערסמאליעט.

scor'cher *n.* (סקאהר'-טשער) א ברענע=דער, עטוואס וואס ברענט אדער איז זעהר הייס; עטוואס ברענענדעס אדער העפטי=געס; איינער אדער עטוואס וואס בעוועגט זיך אדער טרייבט אן מיט א גרויסער שנעלקייט.

scor'ching *a.* and *n.* (סקאהר'-טשינג) 1. סמאליענד, זעהר הייס; 2. סארקאס=טיש, בייסענד, שטעכענד; 3. דאס אויס=שלייפען געצייג אויף א טרוקענעם שלייף=שטיין פאר דעם פערהארטעווען.

1. The day was one of the most scorching of this summer. 2. He made a scorching remark.

scor'chingly *adv.* (סקאהר'-טשינג-לי) פערסמאליענדיג, פערברענענדיג.

scor'chingness *n.* (סקאהר'-טשינג-נעס) די אייגענשאפט צו פערברענען אדער פער=סמאליען.

scor'dium *n.* (סקאהר'-די-אם) דער וואס=סער=גאמאנדער [אזא וואסער=פלאנצע וואס שמעקט ווי קנאבעל].

score *n.* and *v.* (סקאור) א קארב, אן איינשניט; א שטריך, א ליניע, א פאסיק; א קארב אויף א קארב=שטעקעל [בירקא], א צייכען אדער פאסיק וואס ווערט גע=מאכט צוליעב א חשבון; א חשבון וואס ווערט געפיהרט דורך קארבען אדער שטריכלעך; א חשבון, א רעכנונג; א שול=דען=רעכנונג; א חוב; די צייכענס אדער פאסיקעס וואס ווערען געמאכט אין א שפיעל צו פערצייכענען די צאהל פונק=טען וואס יעדער געווינט; אן אורזאך, א גרונד, א מאטיוו; א געדרוקטע אדער געשריבענע מוזיק=קאמפאזיציע וואו מעה=רערע שטימען אדער אינסטרומענטען זיי=נען פעראייניגט; די צאהל 20; מאכען קארבען, איינקארבען, איינשניידען; מא=כען שטרייפען, שטריכען אדער פאסיקעס; שמייסען אז שטרייפען זאלען בלייבען; שטארק בעשטראפען; שטרייכען; פערציי=כענען, נאטירען; שטעלען אויף'ן חשבון; געווינען פונקטען אין א שפיעל; אבשריי=בען אדער איבערשרייבען א מוזיק=שטיק פון געהער; אויסשרייבען די איינצעלנע שטימען פון א מוזיק=שטיק; האלטען דעם חשבון; זיין א קויפער אויף קרעדיט.

score a success' (סקאור ע סאק-סעס') געווינען א זיג, פערצייכענען אן ער=פאלג.

score'-book *n.* (סקאור'-בוק) א בוך וואו עס ווערען פערשריבען די געוואונע=נע פונקטען פון א שפיעל.

score'-card *n.* (סקאור'-קארד) א קאר=טע צו פערשרייבען די געווינסען ביי פער=שיעדענע באל=שפיעלען.

score out (סקאור אוט) אויסשטרייכען.

scor'er *n.* (סקאור'-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט קארבען אדער איינ=שניטע; אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען שניידט איין נומערען אין ווואלד=בוימער; איינער וואס פערצייכענט די געוואונענע פונקטען ביי א שפיעל.

score'-sheet *n.* (סקאור'-שיעט) א בלאט

פאפיער אויף וועלכען עס ווערען פער=
שריבען די געוואונענע פונקטען פון א
שפיעל.

score un'der (סקאור אנ'-דער) אונטער=
שטרייכען.

score up (סקאור אפ) אנשרייבען ; צו=
שרייבען צום חשבון, מאכען גרעסער דעם
חשבון.

sco'ria *n.* (סקאו'-רי-א) פסלת, שלא=
קען, אבפאל ; די לאווא=פסלת וואס ווערט
ארויסגעווארפען פון א ווולקאן.

scoria'ceous *a.* (סקאו-רי-איי'-שיאס)
פסלת'דיג ; עהנליך צו לאווא=פסלת.

sco'riæ *n.* (סקאו'-רי-אי) די מאסען
לאווא=פסלת וואס ווערען ארויסגעווארפען
פון א וואולקאן.

scorifica'tion *n.* (סקאו-רי-פי-קיי'-
שאן) די מעטאדע אבצוטיילען גאלד אדער
זילבער פון ערץ אדער פסלת, שמעלצענ=
דיג עס מיט בליי ; די בעארבייטונג און
רייניגונג פון מעטאלען פון פסלת דורך
בליי.

sco'rifier *n.* (סקאו'-רי-פאי-ער) א כלי
אדער אפאראט צום אבטיילען גאלד אדער
זילבער פון פסלת. ז. *scorification*

sco'riform *a.* (סקאו'-רי-פארם) ווי
פסלת.

sco'rify *v.* (סקאו'-רי-פאי) פערוואנד=
לען אין פסלת ; אבטיילען גאלד אדער
זילבער פון ערץ אדער פסלת דורך שמעל=
צען עס מיט בליי.

scor'ing *n.* (סקאור'-אינג) א שטריך, א
קריץ ; דאס איינארדנען אן ארקעסטער ;
דאס אויסשרייבען די נאטען פאר די איינ=
צעלנע שטימען פאר אן ארקעסטער ; דאס
פלאצען אדער שפאלטען זיך פון א שטיק
גוס=אייזען דורך אונגלייכפערמיגער אב=
קיהלונג ; אין וועט=רייטען — דאס בריינ=
גען דאס פערד מיט דעם רייטער ווידער
און ווידער צוריק צו דעם אנפאנגס=
פונקט.

sco'rious *a.* (סקאו'-רי-אס) אונריין,
פסלת'דיג.

sco'rium *n.* (סקאו'-רי-אם) ז. *scoria*

scorn *v. and n.* (סקאהרן) 1. פעראכטען,
פערשפאטען ; אויסדריקען פעראכטונג
אדער שפאט ; 2. זיך בעציהען מיט פער=
אכטונג אדער שפאט ; 3. פעראכטונג ;
שפאט ; 4. איינער אדער עטוואס וואס
ווערט פעראכטעט אדער פערשפאט.
1. He was **scorned** by those who heard his address. 2. We **scorn** compromises. 3. The terms of settlement were rejected with **scorn** by the strikers.

scor'ner *n.* (סקאהר'-נער) א פעראכטער;
א פערשפאטער.

scorn'ful *a.* (סקאהרנ'-פול) פערעכטליך; וואס
פול מיט שפאט אדער פעראכטונג ;
רופט ארויס שפאט אדער פעראכטונג.

scorn'fully *adv.* (סקאהרנ'-פול-אי)
מיט פעראכטונג, מיט שפאט.

scorn'fulness *n.* (סקאהרנ'-פול-נעס)
דאס זיין פערעכטליך, דאס זיין פערשפא=
טעט.

scor'ning *n.* (סקאהר'-נינג) שפאט, פער=
אכטונג.

scor'odite *n.* (סקאר'-א-דאיט) סקארא=
דיט אדער ארזעניק=זויערעם אייזען=אקסיד
[אזא מינעראל].

scor'per *n.* (סקאהר'-פער) אזא דלאט=
פערמיגעם נעצייג.

Scor'pio *n.* (סקאהר'-פי-או) דער מזל
עקרב, דאס שטערן=בילד סקארפיאן.

scor'pion *n.* (סקאהר'-פי-אן) א סקאר=
פיאן, אן עקדעש ; א
בעשעפעניש וואס איז
עהנליך צו א סקאר=
פיאן ; א שטעכעדיגע
רוט צום שמייסען.



Scorpion

Scor'pion *n.*
(סקאהר'-פי-אן)
ז. *Scorpio*

scor'pion-fly *n.*
(סקאהר'-פי-אנ-פלאי)
די סקארפיאן=פליעג
[אזא פליעג וואס
האט עהנליכקייט צו א
סקארפיאן].

scor'pion-grass *n.*
(סקאהר'-פי-אנ-גרעס)
סקארפיאן=גראז אדער מויז=אויער [אזא
גראז וועגען וועלכען מען האט געגלויבט
אז מען קען דערמיט היילען דעם גיפטיגען
שטאך פון א סקארפיאן].

scor'tatory *a.* (סקאהר'-טע-טא-רי)
תאוה'דיג, הורעריש.

scot *n. and v.* (סקאט) א צאהלונג ; א
געלד=שטראף ; א שטייער ; א רעכנונג ;
צאהלען שטייער ; צאהלען א רעכנונג.

Scot *n.* (סקאט) א שאטלענדער.

Scotch *a. and n.* (סקאטש) שאטיש,
שאטלענדיש ; א שאטלענדער ; דאס שאט=
לענדישע פאלק ; די שאטלענדישע שפראך ;
שאטלענדישער בראנפען.

scotch *v. and n.* (סקאטש) איינקריצען,
איינקארבען ; א קראץ טהאן ; מאכען א
לייכטע וואונד ; אבהאלטען, איינהאלטען
אוועקלעגענדיג א שטערונג [ווי א שטיין
אונטער א ראד] ; אראבלאזען די ברעמזע
[טארמאז] אויף א ראד עם איינצוהאל=
טען ; א קראץ, א ריץ, א לייכטער איינ=
שניט ; א קלעצעל וואס ווערט אונטערגע=
לעגט אונטער א ראד עם צו פערהאלטען.

Scotch'man *n.* (סקאטש'-מען) א שאט=
לענדער.

scote *v.* (סקאוט) אבהאלטען, פערהאלטען
אוועקלעגענדיג א שטערונג [ווי א שטיין
אדער קלעצעל אונטער א ראד].

sco'ter *n.* (סקאו'-טער) די טרויער=ענטעל
[אזא שווארצע ים=ענטעל].

sco'ter-duck *n.* (סקאו'-טער-דאק)
ז. *scoter*

scot'-free *a.* (סקאט'-פריע) פריי פון
שטייער ; אהן געצאהלט ; אונבעשטראפט ;
פריי, גאנץ, זיכער, אונבעשעדיגט.

sco'tia *n.* (סקאו'-טי-א) אין ארכיטעק=
טור — א קאנקאווער געזימס אויף דעם
פוס פון א זייל.

Scot'icè *adv.* (סקאט'-אי-סי) אויף'ן
שאטלענדישען אופן ; אין דער שאטלענדי=
שער שפראך.

Scot'icism *n.* (סקאט'-אי-סיזם)
ז. *Scotticism*

Scot'icize *v.* (סקאט'-אי-סאיז)
ז. *Scotticize*

Sco'tism *n.* (סקאו'-טיזם) דאס סכאלאס=
טישע אדער מעטאפיזישע פילאזאפישע
סיסטעם פון דעם שאטלענדישען פילאזאף
דזשאהן סקאטוס [געבארען אין יאהר
1308].

Sco'tist *n.* (סקאו'-טיסט) א נאכפאלגער
פון דעם שאטלענדישען פילאזאף דזשאהן
סקאטוס.

Scotis'tic *a.* (סקא-טיס'-טיק) וואס איז
שייך צו די נאכפאלגער פון דעם שאטלענ=
דישען פילאזאף סקאטוס.

Scot'ize *v.* (סקאט'-איז) נאכאהמען אדער
נאכטהאן די שאטלענדער.

Scot'land *n.* (סקאט'-לענד) שאטלאנד.

scot'ograph *n.* (סקאט'-א-גרעף) אן אינ=
סטרומענט צו שרייבען אין דער פינסטער
אדער פאר דעם געברויך צו שרייבען פאר
בלינדע.

scot'omy *n.* (סקאט'-א-מי) דאס שווינד=
לען און דונקעל ווערען פאר די אויגען
[א געוויסער אויגען=פעהלער].

scot'oscope *n.* (סקאט'-א-סקאופ) א
נאכט=גלאז, אן אפטישער אינסטרומענט
וואס פלעגט אמאל געברויכט ווערען צו
קוקען אין דער פינסטער.

Scots *a. and n.* (סקאטס) שאטלענדיש ;
דער שאטלענדישער דיאלעקט, די שאט=
לענדישע שפראך.

Scots'man *n.* (סקאטס'-מען) א שאט=
לענדער.

Scot'ticism *n.* (סקאט'-אי-סיזם) די איי=
גענטימליכקייטען פון דער שאטלענדישער
שפראך.

Scot'ticize *v.* (סקאט'-אי-סאיז) מאכען
שאטלענדיש, פערוואנדלען אין א שאטלענ=
דער.

Scot'tify *v.* (סקאט'-אי-פאי)
ז. *Scotticize*

Scot'tish *a.* (סקאט'-איש) שאטלענדיש.

scoun'drel *n. and a.* (סקאונ'-דרעל) א
שורקע, א שופט, א ליידאק ; א פרינציפענ=
לאזער מענש ; געמיין, נידריג, שופטיג.

scoun'dreldom *n.* (סקאונ'-דרעל-דאם)
ז. *scoundrelism*

scoun'drelism *n.* (סקאונ'-דרעל-איזם)
נידערטרעכטיגקייט, געמיינהייט, שורקעריי,
לומפעריי.

scoun'drelly *a.* (סקאונ'-דרעל-אי) לומ=
פיג, געמיין ; ווי א שורקע אדער שופט.

scour *v. and n.* (סקאור) שייערען, רייני=
גען ; אבריינינגען ; אויסרייניגען ; אבריי=
בען, אבוואשען, אבשווינקען; אוועקראמען,
אוועק'פטר'ען ; אבפיהרען, אבריינינגען דעם
מאגען, נעהמען א שטארקען אבפיהרונגס=
מיטעל ; האבען א לויזען מאגען, לויפען ;
שנעל לויפען ; דורכלויפען [מיט'ן צוועק
עפעס אבצוראמען אדער עפעס אויסצוגע=
פינען] ; דאס שווינקען, דאס שנעלע שטאר=
קע פליסען [פון וואסער אין א שמאלען
דורכגאנג] ; דאס אבשווינקען דעם דעק פון
א טייך אדער קאנאל דורך'ן וואסער=
שטראם ; דאס אבשארען זאמד [דורך'ן
ווינד] ; די פון ווינד צונויפגעשארטע
זאמד; שטארקע לאקסירונג ביי פיה ; מא=
טעריאל צום רייניגען וואל.

scour'age *n.* (סקאור'-עדזש) שווינק=ווא=
סער [דאס וואסער מיט וועלכען מען האט
עפעס אבגערייניגט אדער דורכגעשווינקט].

scour'-and-fill' *n.* (סקאור'-ענד-פיל')
דאס אראבשארען אדער אראבשווינקען
זאמד, שטיינדלעך א. ז. וו. דורך א לופט=
שטראם אדער וואסער=שטראם.

scour'er *n.* (סקאור'-ער) איינער אדער
עטוואס וואס רייניגט, שייערט אדער רייבט
אב ; אזא רייניגונגס=מאשין פאר תבואה
[די קערנער ווערען גערייניגט דורך ריי=
בונג] ; א שטארקעס אבפיהרונגס=מיטעל.

scourge *n. and v.* (סקוירדזש) א בייטש;
א שטראף ; עטוואס וואס דיענט אלס
שטראף אדער אלס מיטעל צו פעראורזאכען
ליידען ; איינער וואס טהוט אן פיעל צרות;
שמייסען ; בעשטראפען ; מאטערען, פייני=
גען.

scour'ger *n.* (סקויר'-דזשער) א שמיי=
סער ; א בעשטראפער ; איינער וואס פיי=
ניגט זיך דורך שמייסען ; א מיטגליעד פון

אן אמאליגער געוויסער סעקטע, וואס פלעגט
זיך עפענטליך שמייסען אלס אבקומעניש.
ז. *flagellant*

scour'ing *n.* (סקאור'-אינג) שייערונג,
רייניגונג, פוצונג; דאס אויסוואשען; דאס
אויסקאכען [אום ארויסצונעהמען פלע=
קען].

scour'ing-ball *n.* (סקאור'-אינג-באהל)
א רונד שטיקעל פלעק=זייף [ארויסצונעה=
מען פלעקען].

scour'ing-bar'rel *n.* (סקאור'-אינג-
בער'-על) א שייער=פעסעל [אזא מאשין
צו שייערען מעטאלענע זאכען דורך ריי=
בונג].

scour'ing-ba'sin *n.* (סקאור'-אינג-
בײ'סן) א רעזערוואואר ביי א קאנאל, אין
וועלכען עס ווערט קינסטליך אנגעזאמעלט
וואסער, אום דערמיט אויסצורייניגען דעם
קאנאל.

scour'ing-drops *n.* (סקאור'-אינג-
דראפס) פלעק=טראפען [אזא פליסיגקייט
ארויסצונעהמען פלעקען].

scour'ing-machine' *n.* (סקאור'-אינג-
מע-שין') א מאשין צו רייניגען וואלענע
שטאפען.

scour'ing-stock *n.* (סקאור'-אינג-סטאק)
אזא אפאראט צו רייניגען וואלענע שטא=
פען.

scour'ing-ta'ble *n.* (סקאור'-אינג-
טײ'בל) אזא משופע'דיגער טיש צום ריי=
ניגען לעדער.

scours *n.* (סקאורז) לאקסירונג [ביי
בהמות].

scout *n. and v.* (סקאוט) אן אויסזעהער,
אן אויסקוקער; איינער וואס ווערט ארויס=
געשיקט עפעס אויסצוגעפינען [הויפטזעכ=
ליך וועגען א פיינדליכער ארמעע]; א
פעלד=וואך; אויסזעהונג; אויסקוקונג, אויס=
שפיאנירונג; אן אוניווערזיטעטס=דיענער
[אין די הארווארדער און אקספארדער או=
ניווערזיטעטען אין ענגלאנד]; דער ענג=
לישער פאפוגאי=טויכער, די קאאירא אדער
לומע [אזעלכע פויגלען. ז. *guillemot*
און *auk*]; אין קריקעט=שפיעל — דער
שפיעלער וואס דארף כאפען דעם באל;
אויסזעהן, אויסקוקען [הויפטזעכליך די בע=
וועגונגען פון א פיינדליכער ארמעע]; אב=
שפאטען; בעהאנדלען מיט פעראכטונג
אדער גרינגשעצונג; צוריקווייזען מיט פער=
אכטונג אדער גרינגשעצונג.

scout'ingly *adv.* (סקאוט'-אינג-לי) מיט
שפאט.

scout'-mas'ter *n.* (סקאוט'-מעס'-טער)
א מיליטערישער בעאמטער, וואס האט די
אויפזיכט איבער דער פעלד=וואך און אי=
בער די אויסזעהער. ז. *scout*

scout'y-au'lin *n.* (סקאוט'-אי-אה'-לין)
די מעווע [אזא פויגעל] פון די פאלאר=
געגענדען. ז. *gull*

scove *v.* (סקאווו) פערשמירען מיט ליים
[אן אויוועז] כדי די היץ זאל ניט ארויס.

scov'el *n.* (סקאוול) אן אויוועז=בעזים.

scow *n. and v.* (סקאו) א פראהם [ז.
pram]; א מין פלאכע שיף; איבערפיה=
רען מיט א פראהם.

scow'-house *n.* (סקאו'-האוס) א פראהם
מיט א הויז אויף איהר.

scowl *v. and n.* (סקאול) זיך אנכמורען;
אנגעהמען א בייזען אדער דראהענדען אויס=
זעהן; אנגעהמען א מיענע פון אונצופרידענ=
הייט; ווירקונג דורך אנגעכמורעטקייט
אדער דורך א בייזען אויסזעהן; דאס אנ=
כמורען זיך; א כמורנע, בייזע, אונצופרי=
דענע מיענע, א פינסטערער בליק.

scowl'ingly *adv.* (סקאול'-אינג-לי) אנ=
געכמורעטערהייד, מיט א בייזען, פינסטע=
רען בליק, מיט א דראהענדער מיענע.

scrab *v. and n.* (סקרעב) קראצען, שאבען;
א ווילדער עפעל [ז. *crab-apple*].

scrabbed eggs (סקרעבד עגז) געהאק=
טע, אבגעקאכטע אייער, צוגעריכט מיט פו=
טער, זאלץ און פעפער.

scrab'ble *v. and n.* (סקרעבל) קריכען,
קריכען אויף אלע פיער; קראצען, שארען;
צונויפשארען, צונויפזאמלען; זיך רייסען,
זיך שלאגען [איבער עפעס]; קריצלען,
פאטשקען, שמירען, שלעכט שרייבען; דאס
קריכען אויף אלע פיער; א רייסעריי.

scrab'le *v. and n.* (סקרעבל)
ז. *scrabble*

scrag *n., a. and v.* (סקרעג) עטוואס וואס
איז דין; עטוואס וואס איז ניט גלאט,
ניט גלייך, שארסטקע אדער בערגעלדיג; א
מאגערער מענש; א רעשטעל, אן איבער=
געבליבענער טייל; דער האלז אדער א
שטיק האלז פון א געקוילעטער קוה, אקס
אדער שאף; א וואלפיש אהן פלוס=פעדע=
רען; בערגעלדיג, ניט גלייך [וועגען דעם
רוקען פון וואלפיש, וואס האבען ניט קיין
פלוס=פעדערען]; הייגגען.

scrag'ged *a.* (סקרעג'-עד) ז. *scraggy*

scrag'gedness *n.* (סקרעג'-עד-נעס) מא=
גערקייט, דארקייט; דינקייט; שארסטיג=
קייט, בערגעלדיגקייט.

scrag'gily *adv.* (סקרעג'-אי-לי) מאגער,
דאר, דין; ניט גלאט, ניט גלייך, שארסטיג,
בערגעלדיג.

scrag'giness *n.* (סקרעג'-אי-נעס)
ז. *scraggedness*

scrag'gly *a.* (סקרעג'-לי) ניט גלאט, ניט
גלייך, בערגעלדיג.

scrag'gy *a.* (סקרעג'-אי) מאגער, דאר;
דין; ניט גלאט, שארסטקע, ניט גלייך, בער=
געלדיג.

scrag'-necked *a.* (סקרעג'-נעקט) וואס
האט א דינעם און ניט גלייכען [בערגעל=
דיגען] האלז.

scrag'-whale *n.* (סקרעג'-הווייל) א
וואלפיש וואס האט ניט קיין פלוס=פעדע=
רען אויף'ן רוקען [נאר דער רוקען איז
ניט גלייך אדער בערגעלדיג].

scram'ble *v. and n.* (סקרעמבל) 1. קרי=
כען; קלעטערען; זיך קאראבקען, זיך בע=
וועגען מיט מיה; 2. כאפען, זיך שלאגען,
זיך רייסען [איבער עפעס]; 3. ווארפען
עפעס, מען זאל זיך רייסען אדער שלאגען
איבער דעם; 4. ווי עס איז צונויפקלא=
פען אדער צורעכט מאכען; פושען, טהאן
ווי עס איז; 5. צונויפמישען און אבקא=
כען צוזאמען; א קלעטערען, א מיהזאמער
גאנג [מיט שטערונגען]; א רייסעריי, א
כאפעריי.

1. The boys **scrambled** through the fence. 2. He had to **scramble** for a living. 3. He **scrambled** money into the crowd. 4. **Scrambling** up her hair, she hurried to meet the visitor.

scram'bler *n.* (סקרעמ'-בלער) איינער
וואס קריכט אדער קלעטערט; איינער וואס
קאראבקעט זיך; איינער וואס שלאגט זיך
צו עפעס צו מיט מיה, איינער וואס רייסט
זיך אדער שלאגט זיך פאר עפעס.

scram'bling *a.* (סקרעמ'-בלינג) 1. גע=
דרעהט, פערפלאנטערט; 2. אונרעגעלמע=
סיג.

1. We roamed in the **scrambling** streets. 2. He leads a **scrambling** sort of existence.

scram'blingly *adv.* (סקרעמ'-בלינג-לי)
אין אונארדנונג; פערדרעהט, פערפלאנ=
טערט; אונרעגעלמעסיג.

scran *n.* (סקרען) שפייז.

scranch *v.* (סקרענטש) גריזשען.

scran'nel *a. and n.* (סקרענ'-על) דין,
מאגער, דאר; א מאגערער, דארער מענש.

scran'ning *n.* (סקרענ'-אינג) דאס בעט=
לען שפייז.

scran'ny *a.* (סקרענ'-אי) ז. *scrawny*

scrap *n. and v.* (סקרעפ) א שטיק, א
שטיקעל, א ברעקעל; א רעשטעל, אבפאל;
א טייל, א פראגמענט, אן אויסצוג [פון א
שריפט]; אן אויסשניט [פון א בוך אדער
צייטונג]; א בילד צום איינקלעפען; שטיק=
לעך אייזען און שטאהל וואס פאלען אב
ביי דער פאבריקאציאן פון מאשינען, גע=
צייג, כלים א. ד. ג.; א געשלעג, א צוזא=
מענשטויס; אבלעגען אלס אבפאל [וועגען
אבגענוצטע שטיקער אייזען]; פערוואנד=
לען אין אבפאל [ווי פיש, פון וועלכע
מען קוועטשט אוים דאס אויל].

scrap'-book *n.* (סקרעפ'-בוק) אן אלבום,
אן איינקלעפ=בוך [א בוך אין וועלכען עס
ווערען אריינגעקלעפט פערשיעדענע אויס=
שניטע פון ביכער אדער צייטונגען און
בילדער].

scrap'-cake *n.* (סקרעפ'-קייק) א הויפען
פיש=אבפאל [פון פיש, פון וועלכע מען
האט אויסגעקוועטשט דאס אויל].

scrap com'pany (סקרעפ קאמ'-פע-ני)
א געמישטע געזעלשאפט.

scrape *v. and n.* (סקרייפ) שקראבען, שא=
בען, גראבלען, קראצען; אראבקראצען;
שארען; אראבשארען; צוזאמענשארען, צו=
זאמענקראצען; צוזאמענקלייבען; א שאר
טהאן מיט'ן פוס ביים פערנייגען זיך;
סקריפען; שפארען; דאס קראצען; דאס
סקריפען; א שווערע לאגע, א פערלעגענ=
הייט [צוליעב איינעמס אונפארזיכטיג=
קייט אדער אונאיבערלעגטקייט]; ראזי=
רונג, גאלונג; א בילד צום איינקלעפען אין
א בוך אדער אלבום.

scrape acquaint'ance (סקרייפ ע-
קהווינט'-ענס) אריינקריכען אין בעקאנט=
שאפט, מיט מיה און מיט הינטער=וועגען
פערבינדען בעקאנטשאפט.

scrape'-good *a.* (סקרייפ'-גוד) קארג,
גייציג.

scrape'-pen'ny *n.* (סקרייפ'-פענ'-אי)
א קארגער, א קמצן.

scrap'er *n.* (סקרייפ'-ער) אן אינסטרו=
מענט צום שאבען אדער אבקראצען; א
שאב=אייזען, א קראץ=אייזען; א שוך=אב=
קראצער [אן אייזענדעל ביי א הויז=אריינ=
גאנג אבצוקראצען די בלאטע פון שיך];
א שאבער; א סקריפער, א פידלער; א
קארגער, א קמצן.

scrap'-forg'ing *n.* (סקרעפ'-פאורדזש'-
אינג) אן אייזען=שטאנג וואס איז אויסגע=
שמידט פון אלטע שטיקער אייזען.

scrap'-heap *n.* (סקרעפ'-היעפ) א פלאץ,
ביי אן אייזענבאהן, וואו מען ווארפט אב
אבגענוצטע שטיקער אייזען אדער מאשי=
נען=טיילען.

scrap'-house *n.* (סקרעפ'-האוס) א
פלאץ, וואו מען קוועטשט אויס אויל פון
פיש.

scrap'ing *n.* (סקרייפ'-אינג) דאס אבקרא=
צען; דאס אבשקראבען; דאס אבשארען;
דאס אבגעקראצטע, אבגעשארטע אדער אב=
געשקראבעטע.

scrap'ing acquaint'ance (סקרייפ'-
אינג ע-קהווינט'-ענס) א ווייטע בעקאנט=
שאפט, א בעקאנטשאפט וואס געהט ניט
ווייטער פון בעגריסען זיך.

scrap'ingly *adv.* (סקרייפ'-אינג-לי)
קראצענדיג, שארענדיג, שקראבענדיג; סקרי=
פענדיג.

scrap'ings *n.* (סקרייפ'-אינגז) דאס צו=

נויפגעשארטע, אבגעקראצטע אדער אבגעשאבענע; דאס אבגעשפארטע, דאס אבגעקארגטע.

scrap'-i'ron *n.* (סקרעפ'-אי'-ערן) אלטעס, אבגענוצטעס אייזען.

scrap'-met'al *n.* (סקרעפ'-מעט'-על) שטיקלעך מעטאל-אבפאל.

scrap'pily *adv.* (סקרעפ'-אי-לי) שטיקלעכווייז, אין שטיקלעך, בעשטעהענד פון בעזונדערע שטיקער, אהן צוזאמענהאנג.
He is a narrow-minded, **scrappily** educated man.

scrap'piness *n.* (סקרעפ'-אי-נעס) דאס זיין צובראכען, דאס בעשטעהן פון בעזונדערע שטיקלעך, אהן צוזאמענהאנג.

scrap'py *a.* (סקרעפ'-אי) וואס בעשטעהט פון שטיקלעך אדער בעזונדערע טיילען אהן א צוזאמענהאנג; קריעגעריש, וואס רייסט זיך צו א געשלעג.

scraps *n.* (סקרעפס) גריבענעס, גריוועז.

scratch *v., n. and a.* (סקרעטש) קראצען, גראבלען, צוקראצען, מאכען ריצען; אבקריצלען, שמירען, שרייבען שלעכט; קראצען, אויסמעקען; אויסמעקען פון דער ליסטע דעם נאמען פון א פערד, וואס האט געזאלט נעהמען אנטייל אין א וועטלויף; אויסמעקען ביים שטימען א קאנדידאט'ס נאמען אויף א וואהל-צעטעל; צוריקווייזען א וואהל-קאנדידאט; אין ביליארד-שפיעל — מאכען אן ערפאלגרייכען ריגאנג, אבער ניט אין דער געפלאנטער ריכטונג; א קראץ, א ריץ, א שראם; א ליניע צו בעצייכענען דעם פלאץ וואו צוויי געגנער בעגעגענען זיך [ווי למשל אין פויסט-קאמפף]; דער פונקט וואו א קאמפף אדער שפיעל פאנגט זיך אן; די צייט, ווען עס הויבט זיך אן א קאמפף אדער שפיעל; אן אנטייל-נעהמער אין א וועט-קאמפף אדער שפיעל [ווען עס ווערען ניט געמאכט קיין ספעציעלע בעשטימונגען פאר איינעם פון די צדדים]; אין ביליארד-שפיעל — אן ערפאלגרייכער גאנג, אבער ניט אין דער געפלאנטער ריכטונג; א טייפעל; אזא פארוק, וואס דעקט צו בלויז א טייל פון קאפ; קאלך אדער ערד וואס טיילט זיך אויס פון ים-וואסער ביים אויסקאכען זאלץ; שלעכטע שריפט, צוטשערעס מיט לאפעטעס, שמירעריי; צונויפגעקראצט, צוזאמענגענומען אדער זאמענגעשלעפט אהן אויסוואהל; וואס קומט פאר אויף גלייכע בעדינגונגען פאר אלע אנטייל-נעהמער [וועגען א וועט-לויף אדער וועט-קאמפף]; אויסגעמעקט פון א ליסטע

scratch along' (סקרעטש ע-לאהנג') ווי עס איז דורכקריכען אדער דורכקומען.

scratch'-back *n.* (סקרעטש'-בעק) א ביינרוקען-קראצער [אזא מעסער פון ביין אדער האלץ זיך צו קראצען דעם רוקען].

scratch'-brush *n. and v.* (סקרעטש'-בראש) א קראץ-בארשט [פון דראט]; בערשטען אדער רייניגען מיט א קראץ-בארשט.

scratch'-coat *n.* (סקרעטש'-קאוט) דער ערשטער פלאסטער-שיכט, די ערשטע טינקעוואניע.

scratch'-cra'dle *n.* (סקרעטש'-קריי'דל) אראבנעהמעניש, בעטעל אדער עטעל-בעטעל [אזא קינדער-שפיעל].
ז. *cat's-cradle*

scratch'er *n.* (סקרעטש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס קראצט; א קראצער; א קראץ-אייזען; א שאב-אייזען; א קראץ-בארשט [פון דראט]; איינער וואס מעקט אויס ביים שטימען א קאנדידאט'ס נאמען פון דעם וואהל-צעטעל; א טאג-בוך [אין בוכפיהרונג].



Scratcher

scratch'es *n.* (סקרעטש'-עז) קרעצינקייט אויף די אונטערשטע טיילען פון א פערד'ס פוס.

scratch'-fig'ure *n.* (סקרעטש'-פיג'-יור) אן אויסגעשטראכענע ציפער.

scratch'-fin'ish *n.* (סקרעטש'-פינ'-איש) ארנאמענטען אויף מעטאל פון ניט טיעפע איינשניטע.

scratch'-grass *n.* (סקרעטש'-גרעס) קלעפ-קרויט [אזא קלעפיגע פלאנצע].
ז. *goose-grass*

scratch'-man *n.* (סקרעטש'-מען) אן אנטייל-נעהמער אין א פויסט-קאמפף.

scratch out (סקרעטש אוט) אויסקראצען, אויסשטרייכען, אויסמעקען.

scratch'-pan *n.* (סקרעטש'-פען) א כלי פאר דעם קאלך אדער ערד-אבזאץ, וואס בלייבט ביים אויסקאכען זאלץ פון זאלץ-וואסער.

scratch'-race *n.* (סקרעטש'-רייס) א וועט-לויף אהן ספעציעלע בעשרענקונגען אדער פריווילעגיעס פאר איינעם פון די אנטייל-נעהמער.

scratch'weed *n.* (סקרעטש'-הוויעד) קלעפ-קרויט [אזא קלעפיגע פלאנצע].
ז. *goose-grass*

scratch'-wig *n.* (סקרעטש'-הוויג) א פארוק וואס פערדעקט נור א טייל פון קאפ.

scratch'-work *n.* (סקרעטש'-הוואירק) גראפיטא-מאהלעריי [א מין מאהלעריי אויף ווענד, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס דער אויבערשטער ווייסער שיכט ווערט דורכגעשטאכען אין פערשיעדענע אוזארען אזוי אז עס זעהט זיך ארויס דער קאלירטער הינטערגרונד].

scratch'y *a.* (סקרעטש'-אי) צוקראצט; ניט גלאט, שארסטקע; בערגעלדיג, גוזעוואטע; אונרעגעלמעסיג; קראצענדיג, סקריפענדיג; וואס טראגט א פארוק, וועלכער דעקט צו בלויז א טייל פון קאפ; בלויז עטוואס בעדעקט מיט ערד, וואס בעשטעהט פון פעלזען, וועלכע זיינען בלויז עטוואס בעדעקט מיט ערד [וועגען אן ערד-באדען].

scrawl *v. and n.* (סקראהל) קריצלען, שלעכט שרייבען, מאכען קאטשערעס מיט לאפעטעס, שמירען, פאטשקען; א געקריצעל, שמירעריי, פאטשקעריי, קאטשערעס-און-לאפעטעס-שריפט.

scrawl'er *n.* (סקראהל'-ער) א שמירער, איינער וואס שרייבט שלעכט, איינער וואס שרייבט קאטשערעס מיט לאפעטעס.

scrawl'y *a.* (סקראהל'-אי) געשמיערט, געפאטשקעט, שלעכט געשריבען.

scraw'niness *n.* (סקראה'-ני-נעס) מאגערקייט, ביינערדיגקייט.

scraw'ny *a.* (סקראה'-ני) מאגער, ביינערדיג.

scray *n.* (סקריי) די ים-שוואלב.
ז. *sea-swallow*

scraye *n.* (סקריי) ז. *scray*

screak *v. and n.* (סקריעק) סקריפען, קריצען; קוויטשען; א סקריפ, א קריץ; א קוויטש.

scream *v. and n.* (סקריעם) שרייען [ווי פאר וועהטאג, שרעק, פרייד א. ז. וו.]; גרילצענד שרייען; ארויסגעבען שרייענדע גרילצענדע קלאנגען; א געשריי; א גרילצענדער געשריי.

scream'er *n.* (סקריעמ'-ער) איינער וואס שרייט [מיט א גרילצענדער שטימע]; עטוואס וואס גיט ארויס שרייענדע, גרילצענדע קלאנגען; א מין פויגעל; עטוואס אויסערגעוועהנליכעס [וואס רופט ארויס געשרייען פון ערשטוינונג און בעוואונדערונג].

scream'ing *a.* (סקריעמ'-אינג) 1. שרייענד [מיט א שניידענדער, גרילצענדער שטימע]; 2. וואס רופט ארויס געשרייען, שרייענדע, גרילצענדע געלעכטערס א. ז. וו.
2. The playwright produced a **screaming** farce.

scree *n.* (סקריע) א הויפען שטיינער.

screech *v. and n.* (סקריעטש) א געשריי טהאן, א קוויטש טהאן, א גרילץ טהאן; א געשריי, א קוויטש, א גרילץ.

screech'er *n.* (סקריעטש'-ער) דער אדער דאס וואס שרייט, קוויטשעט אדער גיט ארויס קוויטשענדע, גרילצענדע קלאנגען.

screech'-owl *n.* (סקריעטש'-אול) די קוויטשענדע איילע [סאווא, פילין — אין געגענזאץ צו די שרייענדע]. ז. *hoot-owl*

screech'y *a.* (סקריעטש'-אי) קוויטשענד, גרילצענד.

screed *n. and v.* (סקריעד) אן אבגעריסענע שטיק; א לאנגער פאס [פון עפעס]; א לאנגע רעדע; א לינעאל [פאר געזימסען], א ראנד, א קאנט; דאס רייסען, א ריס; רייסען; מאכען א ווערטער-אויסגוס.

screen *n. and v.* (סקריען) א שירם, א בעשיצונג, א בעט-שירם, א פאראוואן, א שייד-ווענטעל, שפאנישע ווענטלעך; אן אויוועז-גראטע; אן אבאזשור; אן עקראן [א ליילעך, אויף וועלכען עס ווערען אבגעווארפען בעוועגליכע בילדער אדער בילדער פון א צויבער-לאנטערנע]; אן ארנאמענטאלעס ווענטעל אדער צווישען-שייד אין א קלויסטער; א זיפ [צום זיפען תבואות, רויה-מעטאל א. ז. וו.]; א גראטע [צו פערהאלטען פיש א. ז. וו.]; בעשירמען, בעדעקען, בעהאלטען, בעשיצען; דורכזיפען.

screen'er *n.* (סקריענ'-ער) איינער וואס בעשירמט אדער בעשיצט; איינער וואס פערשטעלט מיט שירמען; איינער וואס זיפט [ערץ, תבואה, קויהלען א. ז. וו.].

screen'ing-machine' *n.* (סקריענ'-אינג-מע-שין') א זיפ-אפאראט [פאר ערץ, קויהלען א. ז. וו.].

screen'ings *n.* (סקריענ'-אינגז) דער אבפאל פון איבערגעזיפטע קויהלען, ווייץ א. ז. וו.

screes *n.* (סקריעז) ז. *scree*

screeve *v.* (סקריעוו) שרייבען, מאהלען, שרייבען בעטעל-בריעף, מאהלען בילדער אויף די גאסען-שטיינער [אין דער גנבים-שפראך].

screev'er *n.* (סקריעוו'-ער) איינער וואס שרייבט בעטעל-בריעף, איינער וואס מאהלט בילדער אויף די גאסען-שטיינער [אין דער גנבים-שפראך].

screev'ing *n.* (סקריעוו'-אינג) בעטלען דורך בריעף, פעטיציעס א. ז. וו., מאהלען בילדער אויף די גאסען-שטיינער [אין דער גנבים-שפראך].

screw *n. and v.* (סקרוה) א שרויף, א שרויב, א גווינט; א ספיראלע מושעל; א שיפס-שרויב [די שרויב וואס טרייבט א שיף]; א קליין פעקעל פון צונויפגעדרעהטע טאבאק [אין ענגלאנד]; אן אומדרעהע פון א שרויף; דאס אומדרעהען זיך צו איין זייט; דרוק, דריקונג; א קארגער יונג; א לעהרער וואס עקזאמענירט שטרענג די שילער אדער פערלאנגט, אז זיי זאלען פיעל לערנען; א שלעכט אדער פערמאראטע פערד, א פאדלע; שכירות, ארבייטס-לוין; פערשרויפען; אומדרעהען ווי א שרויף; דריקען, קוועטשען, ארויסקוועטשען; שטרענג עקזאמענירען שילער; פאדערען פון שילער, זיי זאלען פיעל לערנען.

screw'able *a.* (סקרוה'-עבל) וואס קען פערשרויפט ווערען.

screw'-bolt *n.* (סקרוה'-באולט) א שרויף-באלצען, א דיקער שטיפט מיט א קעפעל פון איין זייט און מיט א שרויף פון דער אנדערער.

screw'-box *n.* (סקרוה'-באקס) אן אינסטרומענט אויסצושניידען א הילצערנע שרויף.

screw'-bur'ner *n.* (סקרוה'-בויר'-נער) א לאמפ-ברענער מיט א שרויף [אריינצודרעהען און ארויסצודרעהען דעם קנויט].

screw'-cal'iper *n.* (סקרוה'-קעל'-אי-פער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דיאמעטער פון רונדע זאכען, וועלכער ווערט רעגולירט דורך א שרויף. ז. *caliper*.

screw'-clamp *n.* (סקרוה'-קלעמפ) א שרויפען-קלאמער [א קלאמער, וואס ווערט פערשרויפט מיט א שרויף].

screw'-cut'ter *n.* (סקרוה'-קאט'-ער) א געצייג אדער מאשין אויסצושניידען שרויפען.

screw'-die *n.* (סקרוה'-דאי) א געצייג צו שניידען גווינטען אין א שרויף.

screw down the pri'ces (סקרוה דאון טהי פראי'-סעז) ארונטעררעצען די פרייזען.

screw'-dri'ver *n.* (סקרוה'-דראי'-ווער) א שרויפען-ציהער [א מין קליינע דלאט וואס ווערט בענוצט אריינצודרעהען און ארויסצודרעהען שרויפען].

screwed *a.* (סקרוהד) בעטרונקען, אנגעזויפען, שכור; צוגעשרויפט, פערשרויפט.

screw'er *n.* (סקרוה'-ער) איינער אדער עטוואס וואס שרויפט.

screw'-gage *n.* (סקרוה'-גיידזש) א פארריכטונג אויסצומעסטען דעם דיאמעטער און די ריכטיגקייט פון א גווינט ארום א שרויף.

screw in (סקרוה אין) אריינשרויפען, איינשרויפען, צונויפשרויפען.

screw'ing *a.* (סקרוה'-אינג) פינקטליך; אויסגערעכענט, פארזיכטיג, עקאנאמיש.

screw'ing-machine' *n.* (סקרוה'-אינג-מע-שין') א מאשין איינצושניידען גווינטען [אין א שרויף].

screw'-jack *n.* (סקרוה'-דזשעק) א געצייג וואס ווערט בענוצט פון דענטיסטען אויסצוגלייכען ציינער, וועלכע וואקסען קרום.

screw'-key *n.* (סקרוה'-קיע) א שרויפען-שליסעל [אריינצודרעהען אדער ארויסצודרעהען שרויפען].

screw'-machine' *n.* (סקרוה'-מע-שין') ז. *screwing-machine*.

screw'-nail *n.* (סקרוה'-נייל) א שרויף וואס דיענט צוזאמענצוהאלטען צוויי שטיקער האלץ איינס צום אנדערען.

screw out (סקרוה אוט) ארויסשרויפען; ארויספרעסען פון אימיצען [ווי א געהיימניס]; אויספרעסען, אויסקוועטשען.

screw'-pile *n.* (סקרוה'-פאיל) א קלאץ מיט א גווינט פון אונטען, אריינצודרעהען איהם אין דער ערד.

screw'-pine *n.* (סקרוה'-פאין) דער שרויפען-בוים, די פאנדאנוס-פאלמע [א מין פאלמען-עהנליכעס בוימעל אדער קוסט פון די הייסע לענדער].

Screw-pine

screw'-press *n.* (סקרוה'-פרעס) א שרויפען-פרעס [א פרעס וואס ווערט צונויפגעדריקט דורך א שרויף].

screw'-propel'ler *n.* (סקרוה'-פרא-פעל'-ער) א שיפס-שרויף, א שרויף דורך וועלכער א דאמפף-שיף ווערט געטריבען.

screw'-stair *n.* (סקרוה'-סטעהר) א שווינדעל-טרעפ; א טרעפ וואס דרעהט זיך ווי א שרויף.



Screw-propellers

screw'-stea'mer *n.* (סקרוה'-סטיע'-מער) א דאמפף-שיף וואס ווערט געטריבען דורך א שרויף.

screw up (סקרוה אפ) צושרויפען; דערטרייבען צו..., טרייבען ביז..., הויך ארויפטרייבען.

screw up the pri'ces (סקרוה אפ טהי פראי'-סעז) העכערען די פרייזען.

screw'-wrench *n.* (סקרוה'-רענטש) א שרויפען-שליסעל אדער שרויפען-ציהער.

screw'y *a.* (סקרוה'-אי) געשלענגעלט, אויסגעדרעהט, ווי די גווינטען פון א שרויף; קארג, גייציג, געמיין; דריקענד; אויסגעניצט, אונווערדיג.

scri'bal *a.* (סקראי'-בעל) שרייבעריש, וואס איז שייך צו א שרייבער; וואס איז שייך צו די סופרים [די פארצייטיגע אידישע געלעהרטע].

scrib'blage *n.* (סקריב'-לעדזש) שרייבעריי, שריפטען; פאטשקעריי, קריצלעריי.

scrib'ble *v. and n.* (סקריבל) קריצלען, שרייבען קאטשערעס מיט לאפעטעס, שמירען, פאטשקען; בערשטען וואל אדער פלאקס; קריצלעריי, שמירעריי, פאטשקעריי.

scrib'bler *n.* (סקריב'-לער) א שמיערער, א פאטשקון, א פארטאטשקער שרייבער; א מאשין צו בערשטען וואל אדער פלאקס; אן ארבייטער וואס ארבייט מיט אזא מאשין.

scrib'bling *n.* (סקריב'-לינג) דאס קריצלען, דאס שרייבען קאטשערעס מיט לאפעטעס; דאס בערשטען וואל אדער וואטע.

scrib'blingly *adv.* (סקריב'-לינג-לי) קריצלענדיג, שרייבענדיג קאטשערעס מיט לאפעטעס.

scribe *n. and v.* (סקראיב) א שרייבער, א סופר; א נאטאריוס; א שריפט-געלעהרטער [ביי די פארצייטיגע אידען]; א שפיציגער אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט אנצוצייכענען דעם ארט אויף האלץ אדער מעטאל, וואו מען דארף אבזעגען אדער אבשניצען; אנצייכענען אויף האלץ אדער מעטאל דעם ארט וואו מען דארף אבזעגען אדער אבהאקען; צופאסען צוויי אדער עטליכע שטיקער איינע צו די אנדערע [ווי אין האלץ-ארבייט]; שרייבען, אנצייכענען.

scri'ber *n.* (סקראי'-בער) א שפיציגער אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט אום אנצוצייכענען דעם ארט אויף האלץ אדער מעטאל, וואו מען דארף אבזעגען אדער אבשניצען.

scri'bing *n.* (סקראי'-בינג) דאס שרייבען, דאס צייכענען; דאס אנצייכענען אויף האלץ וואו מען דארף אבזעגען אדער אבשניצען; דאס צופאסען צוויי אדער עטליכע שטיקער האלץ איינע צו די אנדערע.

scri'bing-i'ron *n.* (סקראי'-בינג-אי'-ערן) ז. *scriber*.

scri'bism *n.* (סקראי'-ביזם) די ווירקונג, די לעהרען און די ליטעראטור פון די פארצייטיגע אידישע סופרים.

scrig'gle *n.* (סקריגל) א שאקלונג, א טרייסלונג; דאס דרעהען זיך, דאס שלענגלען זיך.

scrim *n.* (סקרים) א מין דינער שטייפער לייווענד וואס ווערט בענוצט אין טאפעצירען מעבעל.

scrime *v.* (סקראים) פעכטען, שפיעלען מיט א שווערד.

scrim'mage *n.* (סקרים'-עדזש) א געטומעל, א געדרענג, א געשלעג; אין פוסבאל-שפיעל — דער קאמפף פאר'ן בעזיץ פון באל.

scrimp *v., n. and a.* (סקרימפ) איינשפארען, קארגען; בעגרענצען; איינהאלטען; מאכען צו קליין, פערשמעלערען, פערקירצען; א קמצן, א קארגער מענש; קארג, קנאפ; ארים.

scrimped *a.* (סקרימפט) פערקירצט, פערקארגט, פערשמעלערט.

scrimp'ly *adv.* (סקרימפ'-לי) אויף א פערענגטען, פערשמעלערטען שטייגער; קנאפ, קארג; בצמצום.

scrimp'ness *n.* (סקרימפ'-נעס) קארגקייט, שמאלקייט, פערקירצונג.

scrim'py *a.* (סקרימ'-פי) קארג, קנאפ, קורץ, שמאל.

scringe *v.* (סקרינדזש) זיך בויגען, זיך שמייכלען, זיך אונטערלעקען. ז. *cringe*.

scrin'ium *n.* (סקרינ'-אי-אם) ביי די אלטע רוימער — א קעסטעל, אין וועלכען מען פלעגט האלטען מאנוסקריפטען.

scrip *n.* (סקריפ) א זעקעלע, א רענצעל; א פערשריבענעם שטיקעל פאפיער; א שיין, אן אנווייזונג; אין קאמערץ — דער אינטערימס-שיין [א צייגניס, וואס דיענט צייטווייליג אלס אן אקציע פון א געשעפט, ביז דער אייגענטימער צאהלט איין א גע-

וויסע סומע און בעקומט א פארמאלע אקציע]; פאפיער־קליינגעלד.

scrip certif′icate (סקריפ סויר-טיפ׳-אי-קיים) אין קאמערץ — אן אינטערימס־שיין. ז. *scrip*

scrip′-com′pany *n.* (סקריפ׳-קאמ׳-פע-ני) א געזעלשאפט, וועמענס אקציעס קענען איבערגעגעבן ווערן אהן רעגיסטרירונג.

scripee′ *n.* (סקריפ-איע׳) א פערזאן וועלכע ערהאלט א צושריפט, א צייגנים אדער א שיין.

scrip′-hol′der *n.* (סקריפ׳-האול׳-דער) איינער וואס האלט אן אינטערימס־שיין. ז. *scrip*

script *n.* (סקריפט) א שריפט, א האנד־שריפט; דרוק־שריפט וואס האט די פארם פון האנד־שריפט; דער סטיל פון שרייבען; אין יוריספרודענץ — אן אריגינעלער דאקומענט [ניט קיין קאפיע].

scrip′tion *n.* (סקריפ׳-שאן) האנד־שריפט, א מאנוסקריפט.

scripti′tious *a.* (סקריפ-טיש׳-אס) שריפטליך, געשריבען.

scrip′tor *n.* (סקריפ׳-טאר) א שרייבער, א סופר.

scripto′rium *n.* (סקריפ-טאו׳-רי-אם) די סקריפטאריום, א צימער אין א קלויסטער אדער מאנאסטיר, וואו די מאנאכען פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט איבערשרייבען מאנוסקריפטען; א שרייב־צימער.

scrip′tory *a.* (סקריפ׳-טא-רי) געשריבען, בכתב [ניט בעל פה], שריפטליך.

scrip′tural *a.* (סקריפ׳-טשו-רעל) ביבליש, לויט תנ״ך; וואס געהערט צו די הייליגע שריפטען.

scrip′turalism *n.* (סקריפ׳-טשו-רעל-איזם) א שטרענגע אנהענגליכקייט אן דעם בוכשטעבליכען זין פון די הייליגע שריפטען; דער שטארקער גלויבען אין דער ביבעל; דאס האלטען די הייליגע שריפטען אלס דעם גרונד פון יעדער פילאזאפיע.

scrip′turalist *n.* (סקריפ׳-טשו-רעל-איסט) א שטרענגער נאכפאלגער פון די הייליגע שריפטען; איינער וועלכער האלט די הייליגע שריפטען פאר דעם גרונד פון יעדער פילאזאפיע.

scriptural′ity *n.* (סקריפ-טשו-רעל׳-אי-טי) ז. *scripturalness*

scrip′turally *adv.* (סקריפ׳-טשו-רעל-אי) שריפטמעסיג; אויף א שריפטמעסיגער ארט; לויט די הייליגע שריפטען.

scrip′turalness *n.* (סקריפ׳-טשו-רעל-נעס) שריפטמעסיגקייט; א כאראקטער אדער אייגענשאפט פון די הייליגע שריפטען.

scrip′tural pas′sage (סקריפ׳-טשו-רעל פעס׳-עדזש) א שטעלע אדער פסוק פון תנ״ך.

Scrip′ture *n.* and *a.* (סקריפ׳-טשור) די הייליגע שריפט, די ביבעל, דער תנ״ך; ביבליש, וואס איז שייך צו דער ביבעל.

scrip′ture *n.* (סקריפ׳-טשור) א שריפט; א פסוק פון תנ״ך.

Scrip′ture his′tory (סקריפ׳-טשור היס׳-טא-רי) די ביבלישע געשיכטע.

scrip′turist *n.* (סקריפ׳-טשור-איסט) א קענער פון תנ״ך; א למדן אין די הייליגע שריפטען.

scritch *v.* and *n.* (סקריטש) שרייען, גרילצען; א גרילצענדער געשריי.

scrive *v.* (סקראיוו) צייכענען א ליניע מיט א שפיציגען אינסטרומענט.

scriv′ener *n.* (סקריוו׳-נער) א שרייבער; א נאטאריוס; א געלד־מעקלער.

scriv′eners′ cramp (סקריוו׳-נערז קרעמפ) שרייבער־קראמפף [א מין קראמפף פון די פינגער וואס ענטוויקעלט זיך ביי מענשען, וועלכע שרייבען פיעל].

scrobic′ulate *a.* (סקרא-ביק׳-יו-לייט) אין זאאלאגיע — גריבעלדיג, מיט קנייטשען [וועגען דער הויט פון געוויסע חיות און אינזעקטען].

scrobic′ulated *a.* (סקרא-ביק׳-יו-ליי-טעד) ז. *scrobiculate*

scrobic′ulus *n.* (סקרא-ביק׳-יו-לאס) ז. *fossa*

scrof′ula *n.* (סקראפ׳-יו-לא) שקראפעל אדער זאלאטוכע [א מין קראנקהייט, וועלכע ציינט זיך ארויס אין אפטע אויפשוועלונג פון די לימפאטישע און אנדערע דריזען].

scrofulit′ic *a.* (סקראפ-יו-ליט׳-איק) ז. *scrofulous*

scrof′ulous *a.* (סקראפ׳-יו-לאס) וואס איז שייך צו שקראפעל אדער זאלאטוכע; וואס ליידט פון שקראפעל. ז *scrofula*

scrof′ulously *adv.* (סקראפ׳-יו-לאס-לי) מיט שקראפעל; זייענדיג אנגעשטעקט מיט שקראפעל אדער זאלאטוכע.

scrof′ulousness *n.* (סקראפ׳-יו-לאס-נעס) דאס זיין שקראפעלדיג, דאס האבען די אייגענשאפט פון זאלאטוכע. ז. *scrofula*

side'board *n.* (סאיד'-באורד) א בופעט, אזא קאמאד אין א שפייז-צימער צו האלטען טיש-וועש און טיש-געשיר; א זייטען-ברעט.

side by side (סאיד באי סאיד) זייט ביי זייט, איינער נעבען דעם אנדערען.

side'-chain *n.* (סאיד'-טשיין) א זיכערהייטס-קייט פון א לאקאמאטיוו.

side'-cous'in *n.* (סאיד'-קאז'ן) א זוייטיגער קרוב.

side'-cut'ting *n.* (סאיד'-קאט'-אינג) דאס אבגראבען די ערד לענגס די זייטען פון א קאנאל אדער פון אן אייזענבאהן אום עס צו געברויכען אלס אויפשיט-מאטעריאל; א וועג אדער קאנאל וואס ווערט געשניטען לענגס פון א משופע'דיגען בארג וואו דער אויפשיט איז נויטיג בלויז פון איין זייט און די צווייטע זייט ווערט געמאכט פון דער אבגעגראבענער ערד.

si'ded *a.* (סאי'-דעד) זייטיג; ארומגעהאקט, אבגעטעסעט אדער אבגעזעגט פון די זייטען [וועגען באלקענס].

side'-dish *n.* (סאיד'-דיש) א ביי-געריכט, א נעבען-געריכט.

side'-drum *n.* (סאיד'-דראם) א קליינע מיליטערישע פויק אויף וועלכער עס ווערט אויסגעקלאפט דער טאקט ביים מארשירען.

side is'sue (סאיד איש'-או) א נעבענזעכליכע פראגע, א זייטיגער שטרייט-פונקט.
There were too many side issues brought into the debate.

side'-light *n.* (סאיד'-לאיט) א זייטען-ליכט, ליכט וואס קומט פון א זייט; א זייטיגע אדער צופעליגע בעלייכטונג אדער איללוסטראציאן; א זייטען-פענסטער.

side'-line *n. and v.* (סאיד'-לאין) א נעבען-ארטיקעל אין א געשעפט; א נעבען-בעשעפטיגונג, א זייטיגע בעשעפטיגונג; א שטריק מיט וועלכען מען בינדט ביי א פערד דעם פאדערשטען און הינטערשטען פוס פון דערזעלבער זייט כדי ער זאל ניט אנטלויפען; פערבינדען מיט א שטריק די פאדערשטע און הינטערשטע פיס פון א פערד.

side'ling *adv. and a.* (סאיד'-לינג) זייטווערטס; שרעג, משופע, געבויגען.

side'long *a. and adv.* (סאיד'-לאהנג) זייטיג, געבויגען אויף א זייט; משופע, שרעג; אויף דער זייט; זייטווערטס.

side'-note *n.* (סאיד'-נאוט) א ראנד-בעמערקונג [אויף א בלאט].

side'-oats *n.* (סאיד'-אוטס) אזא גראז וואס ווערט בענוצט אלס היי.

side part'ner (סאיד פארט'-נער) א שותף אדער קאמעראד מיט וועלכען מען ארבייט צוזאמען אין איין אונטערנעהמונג אדער ביי איין בעשעפטיגונג.

side'-play *n.* (סאיד'-פליי) א זייטען-בעוועגונג, א בעוועגונג ניט אין דער געוואונשטער ריכטונג.

si'der *n.* (סאי'-דער) איינער וואס וואהנט אין א געוויסען טייל אדער געגענד פון שטאדט; איינער וואס נעהמט זיך אן פאר אימעצענס צד, א פארטייאישער.

side'-rail *n.* (סאיד'-רייל) א זייטען-שינע, א זיכערהייטס-שינע [א שטיקעל רעלסע וואס ווערט געלעגט ביי א וואך-שטעלע פון אן אייזענבאהן אום צו פערהיטען, אז די רעדער זאלען ניט אראב פון די רעלסען].

sid'eral *a.* (סיד'-ע-רעל) ז. ***sidereal***.

side'real *a.* (סאי-די'-רי-על) פון שטערען; וואס איז שייך צו שטערען; וואס איז צונויפגעשטעלט פון שטערען; געשטערנט.

side'real day (סאי-די'-רי-על דיי) דער שטערען-טאג [דער טאג וואס ווערט גערעכענט לויט דער אומדרעהונג פון דער ערד אין בעצוג צו וועלכען עס איז שטערען. ער איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].

side'real time (סאי-די'-רי-על טאים) די שטערען-צייט [די צייט-רעכנונג לויט די אומדרעהונגען פון דער ערד אין בעצוג צו די שטערען. דער שטערען-טאג איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].

side'real year (סאי-די'-רי-על ייר) דאס שטערען-יאהר [די צייט וואס די ערד מאכט א פאלשטענדיגע ארומדרעהונג ארום דער זון, וואס דאס מאכט אוים 365 טעג, 6 שטונדען, 9 מינוטען און 9½ סעקונדען].

sid'erism *n.* (סיד'-ע-ריזם) סידעריזם, די לעהרע, אז די שטערען האבען א ווירקונג אויף דעם שיקזאל פון מענשען.

sid'erite *n.* (סיד'-ע-ראיט) סידעריט, שפאט-אייזען-שטיין; מאגנעט-שטיין.

sid'erograph *n.* (סיד'-ע-רא-גרעף) א גראווירונג אין שטאהל.

siderograph'ic *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון גראווירען אין שטאהל; וואס איז געמאכט מיט שטאהל-גראווירען.

siderograph'ical *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***siderographic***.

siderog'raphist *n.* (סיד-ע-ראג'-רע-

פיסט) א שטאהל-גראווירער, א שטאהלשטעכער.

siderog'raphy *n.* (סיד-ע-ראג'-רע-פי) די קונסט צו גראווירען אויף שטאהל.

sid'eromancy *n.* (סיד'-ע-רא-מענ-סי) א מין וואהרזאגונג אדער כשוף דורך ברענען שטרוי אויף גליהענדע אייזענס.

side'-room *n.* (סאיד'-רוהם) א נעבענ-צימער, א זייטען-צימער.

sid'eroscope *n.* (סיד'-ע-רא-סקאופ) א סידעראסקאפ [אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען שפורען פון אייזען אין א שטאף. דער אינסטרומענט בעשטעהט פון א קאמבינאציאן פון שטארק עמפפינדליכע מאגנעט-נאדלען].

sid'erotechny *n.* (סיד'-ע-רא-טעק-ני) די מעטאלורגיע פון אייזען.

siderur'gical *a.* (סיד-ע-רויר'-דזשי-קעל) וואס איז שייך צו אייזען און שטאהל פאבריקאציאן.

siderur'gy *n.* (סיד-ע-רויר'-דזשי) אייזען און שטאהל-פאבריקאציאן.

side'-sad'dle *n.* (סאיד'-סעד'ל) א קווער-זאטעל, א פרויען-זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען זיצט אזוי, דאס ביידע פיס זיינען פון איין זייט].

side'saddle-flow'er *n.* (סאיד'-סעדל-פלאו'-ער) די דאמען-זאטעל בלום [אזא בלום וואס איז עהנליך צו א דאמען-זאטעל].

Sidesaddle-flower

side'-show *n.* (סאיד'-שאו) א זייטיגע סצענע, א נעבענזעכליכעס בילד; א נעבען-שפיעל.

side'-slip *n.* (סאיד'-סליפ) א נעבען-צווייגעל; אן אונגעזעצליך קינד; א זייטען-אבטיילונג אויף דער סצענע פון א טעאטער, וואוהין די דעקאראציאנען ווערען אוועקגענומען.

side'-split'ting *a.* (סאיד'-ספליט'-אינג) וואס איז צום פלאצען [פון געלעכטער].

We saw a **side-splitting** farce.

side'step *v.* (סאיד'-סטעפ) אויסמיידען, אויסווייכען, זיך ארויסדרעהען.

side'-step *n.* (סאיד'-סטעפ) א זייטען-שריט, א שריט אן דער זייט; אן אויסמיידונג.

side'-ta'ble *n.* (סאיד'-טיי'בל) א נעבען-טיש, א זייטען-טיש [א קליינער טיש וואס שטעהט ביי דער וואנד פון א שפייזע-צימער, אויף וועלכען עס ווערט געהאלטען די נויטיגע טיש-געשיר].

side'-ta'king *n.* (סאיד'-טיי'-קינג) דאס שטעלען זיך אויף אימעצענס צד.

side'-track *n. and v.* (סאיד'-טרעק) א זייטען-קאלעע, א זייטען-אייזענבאהן-ליניע [נעבען-שינעס וועלכע צווייגען זיך אב פון דער הויפט-ליניע]; אראבפיהרען א וואגען אדער צוג פון דער הויפט-קאלעע אויף א זייטען-קאלעע; אראבקריכען אן דער זייט; אבווייכען פון גראדען וועג, אבווייכען פון ציעל; אבציהען די אויפמערקזאמקייט אויף א זייטיגער זאך.

side view (סאיד וויו) א זייטען-בליק, א קוק פון דער זייט.

side'-view *n.* (סאיד'-וויו) א זייטען-אנזיכט, די אנזיכט פון א זאך געזעהן פון איין זייט.

side'walk *n.* (סאיד'-הוואהק) א טראטואר.

side'ward *adv. and a.* (סאיד'-הווארד) צו דער זייט-צו, זייטווערטס; וואס בעוועגט זיך זייטווערטס.

side'wards *adv.* (סאיד'-הווארדז) צו דער זייט-צו, זייטווערטס.

side'way *adv.* (סאיד'-הוויי) ז. *sidewise*.

side'ways *adv.* (סאיד'-הווייז) ז. *sidewise*.

side'-wheel *n. and a.* (סאיד'-הוויעל) א זייטען-ראד [א ראד פון דער זייט פון א מאשין, פון א שיף, פון א וואגען א. ד. ג.]; וואס האט זייטען-רעדער.

side'-whee'ler *n.* (סאיד'-הוויע'-לער) א דאמפף-שיף מיט זייטען-רעדער.

side'-whis'kers *n.* (סאיד'-הוויס'-קערז) באקען-בערד.

side'-wind *n.* (סאיד'-הווינד) א זייטען-ווינד; אן אינדירעקטער איינפלוס.

side'-wings *n.* (סאיד'-הווינגז) זייטען-קוליסען אין א טעאטער.

side'wise *adv.* (סאיד'-הוואיז) זייט-ווערטס, אויף א זייט.

side with (סאיד הוויטה) האלטען מיט אימעצען, זיין אויף אימעצענס צד.

si'ding *n.* (סאי'-דינג) דאס שטעלען זיך אויף איינעמס צד, דאס האלטען מיט אימעצען; דאס צוטיילען זיך אין צדדים; א קורצע נעבען-קאלעע אדער אייזענבאהן-ליניע, וואס צווייגט זיך אב פון דער הויפט-ליניע; דאס בעשלאגען א הילצערנעם הויז מיט ברעטער אדער שינדלען.

si'ding-machine' *n.* (סאי'-דינג-מע-שין') א מאשין צום זעגען ברעטער פון קלעצער.

si'dle *v.* (סאידל) זיך בעוועגען זייט-ווערטס; געהן פון דער זייט.

si'dler *n.* (סאי'-דלער) איינער וואס געהט פון דער זייט, איינער וואס האנדעלט ניט דירעקט, נאר מיט זייטיגע וועגען.

Sido'nian *a. and n.* (סאי-דאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו צדון [די הויפט-שטאדט פון פארצייטיגען פעניציען]; אן איינוואהנער פון צדון.

siege *n. and v.* (סיעדזש) בעלאגערונג; בעלאגערען; שטורמען, דרינגליך צוטרעטען צו עפעס.

siege'-gun *n.* (סיעדזש'-גאן) א בעלאגערונג-הארמאט [זעהר א שווערער הארמאט].

siege'-train *n.* (סיעדזש'-טריין) די ארטילעריע, וועגען און פערשיעדענע פריפאסען וואס אן ארמעע נעהמט מיט זיך צו בעלאגערען א פעסטונג.

siege'-works *n.* (סיעדזש'-הוואירקס) בעלאגערונגס-ארבייט, די טראנשעען, גראבונגען און בעפעסטיגונגען וואס ווערען געמאכט פון א בעלאגערענדער ארמעע.

si'enite *n.* (סאי'-ען-איט) ז. *syenite*.

sien'na *n.* (סי-ענ'-א) די סיענא-ערד, א מין ליים, פון וועלכער עס בעקומט זיך א ברוין-געלבע פארב, וואס ווערט געברויכט אין מאלעריי.

sier'ra *n.* (סיער'-א) די סיערא, א רייה פעלזען אדער בערג [ווי די סיערא-נעוואדא — א רייה בערג אין שפאניען און קאליפארניען]; א מין סקומבריא אדער מאקרעל [זעהר א ווערטהפאלער שפייז-פיש].

sies'ta *n.* (סיעס'-טא) די סיעסטא, די מיטאגס-רוה, די רוה פון מיטאגס-צייט, ווען עס איז זעהר הייס [אין שפאניען און אנדערע הייסע לענדער].

sieur *n.* (סיעיר) הערר [אן אמאליגער טיטול פון רעספעקט אין פראנקרייך].

sieve *n. and v.* (סיוו) א זיפ, א רעשעטע; עפעס וואס האט די פארם פון א זיפ אדער רעשעטע; איינער וואס פלאפלט אוים אלץ וואס ער ווייס; א מענש וואס קען ניט איינהאלטען קיין סוד; זיפען, איבערזיפען.

Sifa'tite *n.* (סי-פא'-טאיט) דער סיפאטיט, איינער פון די סיפאטיטען [א געוויסע סעקטע אין דער מאכמעדאנישער רעליגיאן].

sift *v.* (סיפט) זיפען; פרובירען, אונטערזוכען, אויספארשען.

sif'ter *n.* (סיפ'-טער) א זיפער; א זיפ, א רעשעטע.

sif'ting *n.* (סיפ'-טינג) דאס זיפען; דאס פארשען; דאס אונטערזוכען.

sigh *v. and n.* (סאי) 1. זיפצען; 2. שמאכטען נאך עפעס; 3. ארויסלאזען א זיפץ, בעקלאגען, בעדויערען; 4. א זיפץ.

2. It is customary to **sigh** for the good old times. 4. When the vote was announced we heaved a **sigh** of relief.

sigh'ingly *adv.* (סאי'-אינג-לי) זיפצענדיג; מיט זיפצען.

sight *n. and v.* (סאיט) דאס זעהן, דער בליק; די זעה-קראפט, די ראיה; די אנזיכט, דער אנבליק; א בליק, א קוק; די ארט פון ארומזעהן אדער אורטיילען וועגען עפעס, דער געזיכטס-פונקט, דער שטאנדפונקט; דאס ווארפען זיך אין אויג, דאס לאזען זיך זעהן; די איינזיכט, דאס אריינבליקען אין עפעס, דאס בעקאנט ווערען מיט א זאך; די זעהונגס-ווירדיגקייט, עפעס וואס איז ווערטה צו זעהן אדער צו בעטראכטען; די מענגע, די מאסע; די בעאבאכטונג [מיט מאטעמאטישע אינסטרומענטען]; עפעס וואס העלפט צו זעהן, דער זעה-פונקט [ווי דאס לעכעל אדער דער חלל פון א רעהר, דורך וועלכען מען קוקט אויף עפעס]; דער ריכט-פונקט [ווי דאס ארויסגעשטארצטע שטריכעלע ביים ענד פון רעהר פון א ביקס, לויט וועלכען עס ווערט געריכטעט דאס ציעלען]; א שאנס, א געלעגענהייט, א מעגליכקייט צו טהאן עפעס; קומען צום אויג; לאזען זיך זעהן; גענוי ארומזעהן, בעאבאכטען מיט אן אינסטרומענט [ווי דעם גאנג פון א שטערען]; אין קאמערץ — צום זיכט בריינגען, צושטעלען [א וועקסעל, א באנק-פאפיער]; ריכטען דעם בליק צו עפעס; ציעלען [מיט א ביקס].

sight'-hole *n.* (סאיט'-האול) א קוק-לאך.

sight'less *a.* (סאיט'-לעס) אהן א ראיה, בלינד.

sight'lessly *adv.* (סאיט'-לעס-לי) אויף א בלינדען שטייגער.

sight'lessness *n.* (סאיט'-לעס-נעס) דאס זיין בלינד, דאס ניט האבען קיין ראיה.

sight'liness *n.* (סאיט'-לי-נעס) דאס זיין אנגענעהם צו זעהן, שעהנקייט.

sight'ly *a.* (סאיט'-לי) אנגענעהם צו זעהן, גוט געשטאלטעט, שעהן.

sight'-rea'der *n.* (סאיט'-ריע'-דער) א מוזיקאנט וואס קען לעזען אדער שפיעלען נאטען גלייך ווי ער זעהט זיי, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-rea'ding *n.* (סאיט'-ריע'-דינג) דאס קענען לעזען אדער שפיעלען נאטען

גלייך אויף'ן בליק, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'seeing *n.* (סאיט'-סיע-אינג) דאס ארומגעהן אדער ארומפאהרען אין א שטאדט צו זעהן אדער בעטראכטען אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער געגענדען.

sight'seer *n.* (סאיט'-סיע-ער) איינער וואס געהט ארום אדער פאהרט ארום אין א שטאדט צו זעהן אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער געגענדען.

sights'man *n.* (סאיטס'-מען) א מוזיקער וואס שפיעלט גלייך פון נאטען, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-wor'thy *a.* (סאיט'-הוואיר'-טהי) וואס איז ווערטה צו זעהן.

sig'il *n.* (סידזש'-איל) א חתימה; א פערקירצטער צייכען אדער אונטערשריפט; א מאגישער אדער אסטראלאגישער צייכען.

Sigilla'ria *n.* (סידזש-אי-ליי'-רי-א) די סיגילאריען, א מין גרויסע לאנג־פערשוואונדענע בוימער פון די פארהיסטארישע צייטען [פערשטיינערטע שטאמען, צווייגען און ווארצלען פון דיזע בוימער געפינט מען אין די שיכטען פון שטיינקויהלען].



Sigillaria

sigilla'rian *a.* (סידזש-אי-ליי'-רי-ען) וואס איז שייך צו די סיגילאריען. ז. ***Sigillaria***.

sig'illary *a.* (סידזש'-אי-לע-רי) וואס איז שייך צו א חתימה; וואס האט אויף זיך א חתימה.

sig'illate *a.* (סידזש'-אי-לייט) אין קעראמיק אדער טעפעריי — וואס איז בעציערט מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען [וועגען ליימענע כלים]; ווי געשטעמפעלט [וועגען פלאנצען]; קלאר אנגעדייטעט.

sigilla'tion *n.* (סידזש-אי-ליי'-שאן) דאס בעציערען ליימענע געשיר מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען.

sigillog'raphy *n.* (סידזש-אי-לאג'-רע-פי) די לעהרע און בעשרייבונג פון שטעמפלען און חתימות.

sig'la *n.* (סיג'-לא) א מאנאגראם וואס איז אויסגעקריצט אויף א שטעמפעל.

sig'los *n.* (סיג'-לאס) אן אלט־פערסישע זילבערנע מטבע.

sig'ma *n.* (סיג'-מא) די סיגמא, א גריכישער בוכשטאב וואס האט דעם קלאנג פון א סמך ["ס"]. ז. ***sigmoid***.

sig'matism *n.* (סיג'-מע-טיזם) א שווערע אדער שלעכטע אויסשפראכע פון דעם קלאנג "ס"; געברויך אדער וויעדערהאלונג פון א סיגמא אדער פון א "ס". ז. ***sigmoid***.

sig'moid *a. and n.* (סיג'-מאיד) וואס האט די פארם פון דעם גריכישען בוכשטאב סיגמא [Σ] אדער פון לאטיינישען בוכשטאב *S*; א געבויגענע ליניע אין דער פארם פון א סיגמא.

sigmoi'dal *a.* (סיג-מאי'-דעל) וואס האט די פארם פון א סיגמא. ז. ***sigmoid***.

sign *n. and v.* (סאין) א צייכען; עפעס וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס אן אנדייטונג פון א געוויסער זאך; א שילד; א סמן; א סימבאל; א דענקמאל; א מערקמאל; א סימפטאם; א זשעסט, א בעוועגונג מיט'ן קאפ אדער האנד צו בעצייכנען א געדאנק אדער פערלאנג; א שטערען־צייכען, א שטערען־בילד [איינער פון די 12 סמנים פון זאדיאק]; צייכנען, בעצייכנען; אנדייטען; אונטערצייכנען, אונטערשרייבען; זיין א צייכען; דיענען אלס א פארבעדייטונג פון עפעס; געבען א צייכען אדער סיגנאל; ווינקען.

sig'nal *n., a. and v.* (סיג'-נעל) א סיגנאל, א צייכען; אויסגעצייכענט; מערקווירדיג; סיגנאליזירען, געבען א צייכען אדער סיגנאל; בעצייכנען, דיענען אלס צייכען.

sig'nal-book *n.* (סיג'-נעל-בוק) א בוך וואס ענטהאלט א סיסטעם פון סיגנאלען מיט ערקלערונגען ווי אזוי זיי צו געברויכען.

sig'nal-box *n.* (סיג'-נעל-באקס) א סיגנאל־טורם, א סיגנאל־הויז [צו געבען סיגנאלען אויף אן אייזענבאהן]; דאס ליארם־קעסטעל, דער טרעוואגע־אפאראט [פאר פאליציי אדער צו לאזען וויסען וועגען א פייער].

sig'nal-chest *n.* (סיג'-נעל-טשעסט) א סיגנאלען־קאסטען, א סיגנאלען־קאמער [צו האלטען די סיגנאל־פלאגען אויף א שיף].

sig'nal-code *n.* (סיג'-נעל-קאוד) דער קאדעקס אדער די סיסטעם פון סיגנאלען.

Sig'nal Corps (סיג'-נעל קאור) אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בריגאדע סאלדאטען, וואס ריכטען איין די סיגנאליזאציאן [ווי אויפשטעלען טעלעגראפען, טעלעפאנען א. ד. ג.] אין דער צייט פון מלחמה.

sig'naler *n.* (סיג'-נעל-ער) ז. ***signaller***.

signalet'ic *a.* (סיג-נע-לעט'-איק) וואס איז שייך צו די אלגעבראאישע צייכענס פלוס [+] און מינוס [—].

signalet'ic se'ries (סיג-נע-לעט'-איק סי'-ריז) א רייה מאטעמאטישע אויסדריקע וואס ווערען בעטראכט בלויז אין בעצוג צו די צייכענס פלוס [+] אדער מינוס [—].

sig'nal-flag *n.* (סיג'-נעל-פלעג) איינער פון עטליכע פלאגען מיט פערשיעדענע קאלירען, וועלכע דיענען צו סיגנאליזירען.

sig'nalise *v.* (סיג'-נעל-איז) ז. ***signalize***.

sig'nalist *n.* (סיג'-נעל-איסט) א סיגנאליסט, א סיגנאל־געבער.

sig'nalize *v.* (סיג'-נעל-איז) 1. אויסצייכנען, מאכען מערקווירדיג; אונטערשטרייכען; 2. בעצייכנען, אנדייטען.

2. Washington's entry into New York was signalized with elaborate festivities.

sig'nal-lamp *n.* (סיג'-נעל-לעמפ) דער סיגנאל־לאמפ; א לאמטערן וואס דיענט צו געבען סיגנאלען.

sig'naller *n.* (סיג'-נעל-ער) א סיגנאל־געבער; עטוואס מיט וואס מען גיט סיגנאלען.

sig'nally *adv.* (סיג'-נעל-אי) אויף אן אויסגעצייכענטען, מערקווירדיגען שטייגער.

sig'nalman *n.* (סיג'-נעל-מען) א סיגנאל־געבער.

sig'nal-post *n.* (סיג'-נעל-פאוסט) א סלופ, צו וועלכען עס זיינען צוגעריכט פלאגען אדער לאמטערנען, וואס דיענען אלס סיגנאלען.

sig'nal-rock'et *n.* (סיג'-נעל-ראק'-עט) א סיגנאל־ראקעטע.

sig'nal-ser'vice *n.* (סיג'-נעל-סויר'-וויס) די סיגנאל־דיענסט, די דיענסט אין ארמעע וואס האט א שייכות צום געבען סיגנאלען.

sig'natary *a. and n.* (סיג'-נע-טע-רי) ז. ***signatory***.

sig'nate *a.* (סיג'-נייט) בעשטימט; בעדעקט מיט בוכשטאבען־ענליכע פלעקען [וועגען אינזעקטען].

signa'tion *n.* (סיג-ניי'-שאן) א צייכען, א סימבאל, אן עמבלעם.

sig'natory *a. and n.* (סיג'-נע-טא-רי) וואס איז פערבונדען מיט אן אונטערשריפט צו די בעדינגונגען פון אן אבמאך אדער קאנטראקט; דער צד אין אן אבמאך וואס האט זיך פערפליכטעט מיט אן אונטערשריפט [ספעציעל בנוגע צו מלוכות, וועלכע שליסען צווישען זיך אן אבמאך].

sig'nature *n.* (סיג'-נע-טשור) אן אונטערשריפט, א חתימה, די אונטערצייכנונג; א סיגנאטור, א צייכען; א בוכשטאב אדער ציפער וואס ווערט געשטעלט ביים ענד פון יעדען געדרוקטען בויגען, כדי דער איינבינדער זאל קיין טעות ניט האבען ביים צוזאמענלעגען די אבגעדרוקטע בויגענס פון א בוך; א צונויפגעלעגטער אבגעדרוקטער בויגען פאפיער; די שליסעל־צייכענס אין מוזיק וואס בעשטימען די טאן־ארט; א צייכען עהנליך צו א בוכשטאב [ביי אינזעקטען].

sign'-board *n.* (סאינ'-באורד) א פלאקאטען־ברעט, א שילד־ברעט.

sign'er *n.* (סאינ'-ער) אן אונטערצייכנער, אן אונטערשרייבער; איינער וואס גיט זיין אונטערשריפט.

sig'net *n.* (סיג'-נעט) א זיגעל, א האנד־זיגעל.

sig'net-ring *n.* (סיג'-נעט-רינג) א רינג מיט א זיגעל אדער חתימה.

sig'nifiable *a.* (סיג'-ני-פאי-עבל) וואס קען בעצייכענט ווערען; וואס קען פארגעשטעלט ווערען דורך סמנים אדער צייכענס.

signif'icance *n.* (סיג-ניפ'-אי-קענס) דער זין, דער מיין, די בעדייטונג; די וויכטיגקייט; דאס זיין בעדייטענד, דאס זיין וויכטיג.

signif'icancy *n.* (סיג-ניפ'-אי-קענ-סי) ז. ***significance***.

signif'icant *a.* (סיג-ניפ'-אי-קענט) בעדייטענד, אנדייטענד; וויכטיג.

signif'icantly *adv.* (סיג-ניפ'-אי-קענט-לי) בעדייטענדיג; מיט אן אנדייטונג.

significa'tion *n.* (סיג-ני-פי-קיי'-שאן) די בעדייטונג, די אנדייטונג.

signif'icative *a.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טיוו) ז. ***significant***.

signif'icatively *adv.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טיוו-לי) דורך אנדייטונג; אויף אן אנדייטענדען שטייגער.

signif'icator *n.* (סיג-ניפ'-אי-קיי-טאר) אן אנדייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן אדער לאזט וויסען דורך ווערטער, צייכענס א. ד. ג.

signif'icatory *n.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טא-רי) דער צייכען, די אנדייטונג.

sig'nifier *n.* (סיג'-ני-פאי-ער) אן אנ־

דייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן.

sig′nify *v.* (סיג′-ני-פאי) 1. בעצייכנען, בעדייטען; 2. אנדייטען.
1. This statement does not **signify** anything.
2. "All those in favor please **signify** by saying aye".

si′gnior *n.* (סי′-ניאר) ז. ***signor***

sign man′ual (סאין מענ′-יו-על) אן אונטערשריפט מיט דער אייגענער האנד [וועגען אן אפיציעלען דאקומענט, אונטער וועלכען דער קעניג אדער דאס מאגיסטראט האט זיך אליין אונטערגעשריעבען]; עטוואס וואס שפיגעלט אב אדער דריקט אוים דעם כאראקטער אדער די אינדיווידואליטעט פון א געוויסער פערזאן.

sign of exclama′tion (סאין אוו עקס-קלע-מיי′-שאן) אן אויסרופס=צייכען [!].

sign of interroga′tion (סאין אוו אינ-טער-א-גיי′-שאן) א פראגע=צייכען [?].

si′gnor *n.* (סי′-ניאר) א סיניאר [אן איטאליענישער אדעלמאן אדער אריסטאקראט]; א הערר, אן אדעלמאן; הערר [א טיטעל פאר דעם נאמען אין איטאליען].

signo′ra *n.* (סי-ניאו′-רא) סיניארא, מאדאם [א טיטול פון א פרוי אין איטאליען בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

signori′na *n.* (סי-ניא-רי′-נא) סיניארינא, פריילין, מאדמואזעל [א טיטול פון א מיידעל בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

sign′-post *n.* (סאינ′-פאוסט) א זייל אדער סלופ [ווי נעבען אן אכסניא], אויף וועלכען עס הענגט א שילד.

signs of quota′tion (סאינז אוו קהוואטיי′-שאן) ציטירונגס=צייכען אדער גענזענפיסלעך [די צייכענס „ " אין וועלכע עס ווערען איינגעשלאסען אן אנדערענס ווערטער אדער ווערטער וועלכע ווערען ציטירט פון אנדערסוואו].

si′ka *n.* (סי′-קא) דער סיקא, א מין יאפאנעזישער הירש.

sil *n.* (סיל) געלבער אקער [אזא געלבער ליים וואס האט אמאל געדיענט אלס פארב ביי מאלער].

si′lage *n. and v.* (סאי′-לעדזש) ז. ***ensilage***

sile *n.* (סאיל) א זיפ, א רעשעטע; א זייערעל, א פילטער [פאר פליסיגקייטען]; דאס וואס בלייבט פון דורכזיפען אדער דורכזייען; פסלת, שמוץ.

si′lence *n. and v.* (סאי′-לענס) שטילקייט; דאס שווייגען, שווייגזאמקייט; פערשוויגענקייט, פערבארגענקייט, פערגעסענהייט; אין מוזיק — א פויזע; מאכען צו שווייגען, שטיל מאכען; איינשטילען.

si′lencer *n.** (סאי′-לענ-סער) איינער וואס שטילט איין; דער אדער דאס וואס מאכט שווייגען; א בערוהיגער.

si′lent *a.* (סאי′-לענט) שווייגענד, שטום; ניט בערעדעוודיג; וואס זאגט גארנישט וועגען א געוויסען געגענשטאנד; וואס קען קיין דעה ניט זאגען; אהן רייד; שטיל, רוהיג.

si′lently *adv.* (סאי′-לענט-לי) אויף א שווייגענדען, שטומען שטייגער.

si′lentness *n.* (סאי′-לענט-נעס) דאס שווייגען, דאס זיין שטיל.

si′lent part′ner (סאי′-לענט פארט′-נער) א שטילער שותף [א שותף אין א געשעפט, וועלכער נעהמט ניט קיין טהעטיגען אנטייל אין דער פיהרונג פון געשעפט].

sile′sia *n.* (סי-לי′-שיא) סילעזישע לייוונד; אזא באוועל=צייג.

si′lex *n.* (סאי′-לעקס) ז. ***silica***

silhouette′ *n. and v.* (סיל-או-עט′) א סילועט, א בילד וואס שטעלט פאר דעם שאטען פון דעם געגענשטאנד, וועלכען מען מאלט; דער פראפיל פון א געגענשטאנד, וואס איז בעדעקט מיט א שווארצען קאליר; מאכען א סילועט; געבען דעם סילועט אדער שאטען=בילד פון עפעס.

sil′ica *n.* (סיל′-אי-קא) קיזעל=זויערע, קרעמען=זויערע [זעהר א הארטער ווייסער אדער קאלירלאזער שטאף, וואס געפינט זיך אין פעלזען אין דער פארם פון קווארץ, אפאל א. ד. ג.].

sil′icate *n.* (סיל′-אי-קייט) סיליקאט, א זאלץ פון קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

silic′ic *a.* (סי-לים′-איק) וואס איז שייך צו קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

sil′icide *n.* (סיל′-אי-סיד) א בעמישע פערבינדונג פון סיליציום מיט אן אנדער עלעמענט. ז. ***silicon***

silicif′erous *a.* (סיל-אי-סיפ′-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קיזעל אדער קרעמען.

silicifica′tion *n.* (סי-לים-אי-פי-קיי′-שאן) דאס פערוואנדלען אין קיזעל=זויערע.

silic′ify *v.* (סי-לים′-אי-פאי) פערוואנדלען אין קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

sili′cious *a.* (סי-ליש′-אס) קרעמעניסטע, קיזעלדיג.

sili′cium *n.* (סי-ליש′-אי-אם) סיליציום. ז. ***silicon***

sil′icle *n.* (סיל′-איקל) אין באטאניק — א קליינער שויט [סטרוטשקע]. ז. ***silique***

sil′icon *n.* (סיל′-אי-קאן) סיליציום [איינער פון די בעמישע גרונד=עלעמענטען, וואס האט דעם אויסזעהן פון א טונקעלגרויען פולווער].

sil′iconize *v.* (סיל′-אי-קאנ-איז) פערבינדען מיט סיליציום. ז. ***silicon***

silic′ula *n.* (סי-ליק′-יו-לא) ז. ***silicle***

sil′icule *n.* (סיל′-אי-קיול) ז. ***silicle***

silic′ulose *a.* (סי-ליק′-יו-לאום) שויטען=פערמיג, ווי א סטרוטשקע.

silic′ulous *a.* (סי-ליק′-יו-לאס) ז. ***siliculose***

sil′iqua *n.* (סיל′-אי-קהווא) א הילז, א שויט, א סטרוטשקע; א קאראט [א געוויכט צו וועגען גאלד און עדעלשטיינער].


Silique

silique′ *n.* (סי-ליק′) א שויט, א סטרוטשקע, א הילז.

sil′iquiform *a.* (סיל′-אי-קהווי-פארם) וואס האט די פארם פון א שויט אדער סטרוטשקע.

sil′iquous *a.* (סיל′-אי-קהוואס) הילזיג, שויטיג; פון שויטען, פון סטרוטשקעס.

silk *n. and a.* (סילק) זייד; זייד=פאדים; זיידען, א זיידענער, געמאכט פון זייד.

silk′-cot′ton *n.* (סילק′-קאט'ן) זיידען=באוועל [אזא באוועל, וואס ווערט געברויכט אנצושטאפען קישענס א. ד. ג., אבער מען שפינט ניט פון איהר קיין פאדים].

silk′-cot′ton tree (סילק′-קאט'ן טריע) א בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסט זיידען=באוועל. ז. ***silk-cotton***

sil′ken *a.* (סילקן) זיידען; זיידען=ארטיג; ווייך, צארט, זאנפט, בויגזאם; געקליידעט אין זיידענס; וואס לעבט אין לוקסוס; פערשווענדעריש.

silk′-fac′tory *n.* (סילק′-פעק′-טא-רי) א זיידען=פאבריק.

silk′-fowl *n.* (סילק′-פאול) אזא הוהן מיט זעהר ווייכע און גלאנציגע פעדערען.

silk′-gland *n.* (סילק′-גלענד) א דריזע, וועלכע טיילט אוים זייד=שטאף [ווי ביי דעם זייד=ווארים].

silk gown (סילק גאון) דער זיידענער מאנטעל פון אן ענגלישען רעגיערונגס=ראטה; אן אדוואקאט וואס איז בעשטימט פון לארד=קאנצלער אלס רעגיערונגס=ראטה.

silk′-grass *n.* (סילק′-גרעס) די פאלמען=ליליע [זעהר א שעהנע גארטען=פלאנצע פון מעקסיקא און וועסט=אינדיען. ז. איל.]; זייד=גראז [אזא אמעריקאנישעס גראז].

Silk-grass

silk′-grow′er *n.* (סילק′-גראו′-ער) א ציכטער פון זייד=ווערים, איינער וואס האדעוועט זייד=ווערים [כדי צו בעקומען זייד].

silk′-hat *n.* (סילק′-העט) א צילינדער=הוט.

silk′-hen *n.* (סילק′-הען) ז. ***silk-fowl***

sil′kiness *n.* (סיל′-קי-נעס) דאס זיין זיידען=ארטיג; דאס זיין ווי זייד; ווייכקייט; ווייבערישקייט, פערצערטעלטקייט, שוואכהערציגקייט.

silk′man *n.* (סילק′-מען) א הענדלער מיט זיידען=סחורות; איינער וואס איז בעשעפטיגט אין דער פראדוקציאן פון זיידען=סחורות; א דירעקטאר פון א זיידען=פאבריק.

silk′-mer′cer *n.* (סילק′-מויר′-סער) א הענדלער מיט זיידען=סחורות.

silk′-mill *n.* (סילק′-מיל) א זיידען=פאבריק.

silk′-reel *n.* (סילק′-ריעל) א מאשין, וועלכע נעהמט ארונטער רויהע זייד פון די קאקאנס און שפינט זייד=פאדים.

silk′-sor′ting machine′ (סילק′-סאהר′-טינג מע-שין′) א מאשין צו סארטירען זיידענע פעדים לויט זייער דיקקייט און זיי אנוויקלען אויף שפולען.

silk′-stock′ing *a. and n.* (סילק′-סטאק′-אינג) וואס טראגט זיידענע זאקען; אריסטאקראטיש, פעראיידעלט, פערצערטעלט; אן אריסטאקראט, איינער וואס לעבט אין לוקסוס.

silk′-wea′ver *n.* (סילק′-הוויע′-ווער) א זיידען=וועבער.

silk′-win′der *n.* (סילק′-הוואינ′-דער) ז. ***silk-reel***

silk'worm *n.* (סילק'-הוואירם) א זייד־ווארים.

sil'ky *a. and n.* (סיל'-קי) פון זייד; זיידיג; אין באטאניק — בעדעקט מיט זיידען־ארטיגע האר; גלאט ווי זייד; אזא הוזן מיט זעהר ווייכע און גלאנציגע פעדערען.

sill *n.* (סיל) א שוועל [פון א טהיר]; דער אונטערשטער האריזאנטאלער טייל פון ראהם פון א פענסטער א. ד. ג.

sil'labub *n.* (סיל'-ע-באב) ז. ***sillibub***.

sil'libub *n.* (סיל'-אי-באב) א געריכט פון מילך מיט וויין, ביער און צוקער.

sil'lily *adv.* (סיל'-אי-לי) אויף א דומען, נארישען אופן.

sil'liness *n.* (סיל'-אי-נעס) דומהייט, נארישקייט.

sil'lograph *n.* (סיל'-א-גרעף) א סילאגראף, א סאטיריקער, א שרייבער פון סאטירישע פאעמען.

sillom'eter *n.* (סי-לאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון דעם גאנג פון א שיף.

sil'lon *n.* (סיל'-אן) א פארוואנד פון ערד אין א פעסטונג צו שיצען דעם שוואכען טייל פון א פעסטונגס־ווערק.

sil'ly *a. and n.* (סיל'-אי) דום, נאריש; א דומער יונג.

sil'ly sea'son (סיל'-אי סיעזן) א צייט ווען עס איז ניטא קיין וויכטיגע נייעס און די צייטונגס־ארויסגעבער פילען אן זייערע צייטונגען מיט ניט וויכטיגע מאטעריאלען און אפט מיט נארישע מעשיות און ערצעהלונגען.

si'lo *n. and v.* (סאי'-לאו) דער קארן־קעלער [א טיעפער פערמאכטער גרוב אדער אזא געביידע, וואו עס קומט ניט אריין קיין לופט און וואסער און וואו פוטער אדער גרינסען ווערען געהאלטען און פערבלייבען א לאנגע צייט פריש און גרין]; האלטען תבואה אין א קארן־קעלער. ז. ***ensilage***.

Silo

silphol'ogy *n.* (סיל-פאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער לארווא [אינזעקטען־ווערימלעך]. ז. ***larva***.

silt *n. and v.* (סילט) בלאטע, שלאם; בעדעקען אדער בעדעקט ווערען מיט שלאם.

sil'ty *a.* (סיל'-טי) פול מיט שלאם; עהנליך צו שלאם.

silure' *n.* (סי-ליור') ז. ***sheat-fish***.

silu'ridan *n. and a.* (סי-ליו'-רי-דען) א וועלס אדער סאם [אזא גרויסער טייך־פיש]; וואס האט די פארם אדער די אייגענשאפטען פון א וועלס אדער סאם. ז. ***sheat-fish***.

sil'va *n.* (סיל'-ווא) ז. ***sylva***.

sil'van *a. and n.* (סיל'-ווען) ז. ***sylvan***.

sil'ver *n., a. and v.* (סיל'-ווער) זילבער; א זילבערנע מטבע; געלד; זילבערנע געשיר; א זילבערנע כלי; אין פאטאגראפיע — א זילבער־זאלץ וואס מאכט דעם נעגאטיוו אדער דאס פאפיער עמפפינדליך צו ליכט; עטוואס וואס איז עהנליך צו זילבער [אין גלאנץ]; געמאכט פון זילבער; זילבערנער; עהנליך צו זילבער [אין גלאנץ, קלאנג א. ז. וו.]; גלאנציג, שיינענד; צארט, פריעדליך, רוהיג; בעזילבערען, בעדעקען מיט זילבער; בעדעקען מיט עטוואס וואס איז עהנליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאליע [א געמיש פון ציין און קוועקזילבער צו בעדעקען שפיעגלען]; צוגעבען א זילבער־גלאנץ; מאכען גרוילינג.

sil'ver-bass *n.* (סיל'-ווער-בעס) א מין אמעריקאנער טייך־פיש מיט זילבער־ווייסע שופען. ז. ***mooneye***.

sil'ver-bath *n.* (סיל'-ווער-בעטה) אין פאטאגראפיע — א לעזונג פון זילבער־אקסיד [צו מאכען דאס גלאז אדער דאס פאפיער עמפפינדליך צו ליכט]; א כלי צו האלטען דיעזע לעזונג.

sil'ver-beat'er *n.* (סיל'-ווער-ביעט'-ער) א זילבער־שלעגער [וואס קלאפט אויס בלאט־זילבער].

sil'verberry *n.* (סיל'-ווער-בער-אי) די זילבער־יאגדע [אזא אמעריקאניש בוימעל מיט שמעקעדיגע זילבער־בלעטלעך און עסבארע זילבער־יאגדעס].

sil'ver-black *a.* (סיל'-ווער-בלעק) שווארץ בעשפרענקעלט מיט זילבער־גרוי.

sil'ver-boom *n.* (סיל'-ווער-בוהם) ז. ***silver-tree***.

sil'ver-bush *n.* (סיל'-ווער-בוש) דער זילבער־בוש אדער יופיטער'ס בארד [אזא שעהנער אייראפעאישער קוסט מיט זילבער־בלעטלעך].

sil'verchain *n.* (סיל'-ווער-טשיין) די פאלשע אקאציע. ז. ***locust-tree***.

sil'verer *n.* (סיל'-ווער-ער) א בעזילבערער; א פאליערער [איינער וואס לעגט ארויף פאליע אויף שפיעגלען].

silverette' *n.* (סיל-ווע-רעט') א מין שעהנע הויז־טויב.

sil'verfin *n.* (סיל'-ווער-פין) א מין סארדעל. ז. ***minnow***.

sil'ver fir (סיל'-ווער פויר) דער זילבער־טאנענבוים [אזא טאנענבוים מיט א ווייכען ווייסען האלץ און מיט צוויי זילבער־שטריכען אויף די בלעטער].

sil'verfish *n.* (סיל'-ווער-פיש) דער זילבער־פיש [א נאמען פון פערשיעדענע פיש מיט זילבער־ווייסע שופען]; א מין הויז־אינזעקט וואס צופרעסט ביכער, טאפעטען [אביטשעס, שפאליער] א. ז. וו.

sil'ver-foil *n.* (סיל'-ווער-פאיל) זילבער־בלאט [דין אויסגעקלאפטער זילבער].

sil'ver fox (סיל'-ווער פאקס) דער זילבער־פוקס [אזא פוקס מיט א שווארצער גרוי געשפרענקעלטער פעל].

sil'ver-gilt *n.* (סיל'-ווער-גילט) בעגילטער זילבער; א נאכגעמאכטע בעגילדונג פון זילבער.

sil'ver-glance' *n.* (סיל'-ווער-גלענס') זילבער־גלאנץ [נאטירליכער זילבער־סולפיד אדער א פערבינדונג פון שוועבעלזויערע מיט זילבער].

sil'ver-gray' *a. and n.* (סיל'-ווער-גריי') זילבער־גרוי [א געמיש פון שווארץ און זילבער־ווייס]; א זילבער־גרויער קאליר.

Sil'ver-Gray *n.* (סיל'-ווער-גריי) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער פון דעם קאנסערוואטיווען פליגעל פון דער וויגפארטיי [נאך דער נידערלאגע פון דער פארטיי ביי די וואהלען פון יאהר 1852].

sil'ver-haired *a.* (סיל'-ווער-העהרד) זילבער־האריג; וואס האט ווייסע אדער גלאנציג־גרויע האר.

sil'verhead *n.* (סיל'-ווער-העד) די זילבער־שטערן־מיערע [אזא פלאנצע]. ז. ***chickweed***.

sil'ver-head'ed *a.* (סיל'-ווער-העד'-עד) וואס האט זילבער־ווייסע אדער זילבער־גרויע האר אויף'ן קאפ; מיט א זילבערנעם קאפ [ווי א שטעקען].

sil'veriness *n.* (סיל'-ווער-אי-נעס) 1. דאס זיין פון זילבער; דאס ענטהאלטען זילבער; 2. עהנליכקייט צו זילבער.
2. The picture is remarkable for its broad and pure silveriness.

sil'vering *n.* (סיל'-ווער-אינג) בעזילבערונג; אין פאטאגראפיע — דאס אנזאפען מיט א זילבער־זאלץ [אום צו מאכען עמפפינדליך צו ליכט].

sil'verite *n.* (סיל'-ווער-איט) אן אנהענגער פון דעם געברויך פון זילבער אלס געלד גלייך מיט גאלד; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס איז געגען דעם, אז מען זאל אבשאפען דעם געברויך פון זילבער אלס געלד און פאדערט ענטוועדער זילבער זאל געברויכט ווערען גלייך מיט גאלד אדער אז זילבער־געלד זאל, אם ווייניגסטענס, געברויכט ווערען אין א בעדייטענדער צאהל.

sil'verize *v.* (סיל'-ווער-איז) בעזילבערען; מאכען עהנליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאליע. ז. ***silver***.

sil'ver-king *n.* (סיל'-ווער-קינג) ז. ***tarpon***.

sil'ver-leaf *n.* (סיל'-ווער-ליעף) זילבער־בלאט [דין אויסגעקלאפטער זילבער]; דער ווייסער פאפעל־בוים [טאפאל].

sil'ver-leafed *a.* (סיל'-ווער-ליעפט) מיט זילבער־קאלירטע בלעטער [וועגען פלאנצען].

sil'verless *a.* (סיל'-ווער-לעס) וואס האט ניט קיין זילבער; וואס האט ניט קיין געלד.

sil'verling *n.* (סיל'-ווער-לינג) א זילבערנע מטבע; א שקל אדער האלבער שקל [אמאל ביי אידען].

sil'verly *adv.* (סיל'-ווער-לי) אזוי ווי זילבער, זילבער־עהנליך [אין קלאנג אדער אויסזעהן].

sil'vern *a.* (סיל'-ווערן) זילבערן, גע־מאכט פון זילבער, עהנליך צו זילבער.
Speech is silvern, silence is golden.

sil'ver-owl *n.* (סיל'-ווער-אול) דער ווייסער נאכט־פויגעל [איילע, סאווא]. ז. ***barn-owl***.

sil'ver-pa'per *n.* (סיל'-ווער-פיי'-פער) ווייסעס זיידען־פאפיער פון העכערען זארט.

sil'ver-plat'ed *a.* (סיל'-ווער-פלייט'-עד) געזילבערט, געדעקט מיט זילבער.

sil'ver-plat'er *n.* (סיל'-ווער-פלייט'-ער) א בעזילבערער, איינער וואס דעקט אדער בעציהט מיט זילבער.

sil'ver-print *n.* (סיל'-ווער-פרינט)

פאטאגראפישעם פאפיער פרעפארירט מיט
זילבער־זאלץ.
sil'ver-shaft'ed *a.* (סיל'־ווער־שעפט־
עד) וואס טראגט זילבערנע פיילען [ווע־
גען דער אלט־רוימישער געטין דיאנא].
sil'versides *n.* (סיל'־ווער־סאידז) א
זילבער־פיש, א פיש וואס האט א זיל־
בער־ווייסען שטרייף אויף די זייטען.
sil'versmith *n.* (סיל'־ווער־סמיטה) א
זילבער־שמיעד, א זילבער־ארבייטער.
sil'ver-sold'er *n.* (סיל'־ווער־סאד'־
ער) א שטאף צו לייטען זילבער.
sil'verspot *n.* (סיל'־ווער־ספאט) א
זומער־פויגעלע מיט זילבער־ווייסע פלעקען.
sil'ver-sprig *n.* (סיל'־ווער־ספריג)
דער זילבער־קראליק [אזא קראליק מיט
זילבער־גרויע האר]; די פעל פון דעם
זילבער־קראליק.
Sil'ver State (סיל'־ווער סטייט) דער
שטאאט נעוואדא [איינער פון די פעראיי־
ניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ווערט אזוי
גערופען צוליעב די זילבער־מינען, וועלכע
געפינען זיך דארטען].
sil'ver-stick *n.* (סיל'־ווער־סטיק) א
בעאמטער פון ענגלישען קעניגליכען הויף.
sil'vertail *n.* (סיל'־ווער־טייל)
silver-witch ז.
sil'ver-tongue *n.* (סיל'־ווער־טאנג)
song-sparrow ז.
sil'ver-tongued *a.* (סיל'־ווער־טאנגד)
מיט א שארפען צונג; וואס רעדט שעהן.
sil'ver-top *n.* (סיל'־ווער־טאפ) אזא
קראנקהייט ביי גראזען, ווען זייערע אוי־
בערשטע טיילען ווערען ווייס און פער־
וועלקט.
sil'ver-tree *n.* (סיל'־ווער־טריע) דער
זילבער־בוים [אזא בוים מיט זילבער־
ווייסע בלעטער].
sil'verware *n.* (סיל'־ווער־הוועהר) זיל־
בערנע ארטיקלען; זילבער־געשיר.
sil'ver-washed *a.* (סיל'־ווער־הוואשט)
ווי בעדעקט מיט זילבער; ווי בעדעקט
מיט פראסט־טהוי.
sil'ver wed'ding (סיל'־ווער הוועד'־
אינג) די זילבערנע האכצייט [25 יאהר
נאך דער חתונה].
sil'ver-white *n.* (סיל'־ווער־הוואיט)
זילבער־ווייס [א מין ווייסער בליי].
sil'ver-witch *n.* (סיל'־ווער־הוויטש)
אזא קליינער הויז־אינזעקט וואס צופרעסט
ביכער, טאפעטען א. ז. וו. ז. *silverfish*
sil'ver-work *n.* (סיל'־ווער־הוואירק)
זילבער־ארבייט, זילבער־ארנאמענטען; זיל־
בער־געשיר.
sil'very *a.* (סיל'־ווער־אי) זילבערדיג;
וואס ענטהאלט זילבער, בעדעקט אדער בע־
שפרענקעלט מיט זילבער; פון זילבער־
קאליר; פון א זילבער־קלאנג, העל־קלינ־
גענד.
Sil'very Gray (סיל'־ווער־אי גריי)
Silver-Gray ז.
sil'viculture *n.* (סיל'־ווי־קאל־טשור)
sylviculture ז.
si'ma *n.* (סאי'־מא) — אין ארכיטעקטור
דער אויבערשטער טייל פון א קארניז.
cyma ז.
simar' *n.* (סי־מאר') א לייכטער פרויען־
מאנטעל.
Simaru'ba *n.* (סים־ע־רוה'־בא) דער
סימארובא־בוים [א מין ביימער, צו וועל־
כע עס בעלאנגען די קוואסיא־ביימער].
Quassia ז.
sim'bere *n.* (סים'־ביער) *simbil* ז.
sim'bil *n.* (סים'־ביל) דער ווייס־בייכי־
גער אפריקאנישער שטארך. ז. *stork*

sim'blin *n.* (סים'־בלין) *simlin* ז.
sim'bling *n.* (סים'־בלינג) *simlin* ז.
Sim'ia *n.* (סים'־אי־א) דער מין אראנג־
אוטאנגען [אזעלכע אפען].
orang-outang ז.
sim'ian *a. and n.* (סים'־אי־ען) אפיש,
מאלפיש; וואס איז שייך צו די מענשען־
עהנליכע אפען; אן אפע, א מאלפע; א
מענשען־עהנליכע אפע.
Simi'idæ *n.* (סי־מאי'־אי־דיע) דער מין
מענשען־עהנליכע גרויסע אפען [הויפטזעכ־
ליך דער מין גיבאנען. ז. *gibbon*].
sim'ilar *a. and n.* (סים'־אי־לאר) עהנ־
ליך, גלייכארטיג; אן עהנליכע זאך.
similar'ity *n.* (סים־אי־לער'־אי־טי)
עהנליכקייט, גלייכארטיגקייט; אן עהנליכ־
קייט.
sim'ilarly *adv.* (סים'־אי־לאר־לי) מיט
עהנליכקייט, אויף אן עהנליכען אופן.
I am similarly situated as you.
sim'ile *n. and adv.* (סים'־אי־ליע) אין
רעטאריק — א גלייכניס, א פערגלייכניס,
א פערגלייך, א צוגלייך; אין מוזיק —
אויף דעמזעלבען אדער עהנליכען שטייגער.
sim'ile-mark *n.* (סים'־אי־ליע־מארק)
א ווידערהאלונגס־צייכען
אין מוזיק.



Simile-mark

simil'ia *n.* (סי־מיל'־
אי־א) עהנליכע זאכען.
simile ז.
simil'iter *adv.* (סי־מיל'־אי־טער) אויף
אן עהנליכען שטייגער; אין געריכטס־פער־
האנדלונגען — אננעהמענדיג דעם קלע־
גער'ס שטרייט־פונקט.
simil'itude *n.* (סי־מיל'־אי־טיוד) אן
עהנליכקייט; א פערגלייך, א פערגלייכונג;
א נאכבילדונג; א ריכטיגע קאפיע פון א
האנדשריפט.
similitu'dinary *a.* (סי־מיל־אי־טיו'־
די־נע־רי) וואס איז שייך צו א פערגלייך
אדער צום געברויך פון א פערגלייך; וואס
בעצייכענט אדער מאכט א פערגלייך.
sim'ilor *n.* (סים'־אי־לאהר) סימילאר,
מאנהיימער גאלד אדער פרינץ־מעטאל [א
גאלד־געלבע מישונג פון קופער און צינק].
sim'ioid *a.* (סים'־אי־איד) *simious* ז.
sim'ious *a.* (סים'־אי־אס) אפיש, מאל־
פיש; וואס איז שייך צו די מענשען־עהנ־
ליכע אפען.
sim'itar *n.* (סים'־אי־טאר) א קורצע,
קרומע טערקישע שווערד.
sim'itared *a.* (סים'־אי־טארד) שווערד־
פערמיג; געבויגען ווי א טערקישע שווערד.
sim'itar-pod *n.* (סים'־אי־טאר־פאד)
אזא פאסאליע פון די הייסע לענדער.
sea-bean ז.
sim'lin *n.* (סים'־לין) א מין געבעקס
[וואס קריסטען עסען געוועהנליך אום
ווייהנאכט, פאסכא אדער אום פיערטען זונ־
טאג פון פאסט־צייט]; אזא מין קליינער
מעלאן־קירבעס.
sim'mer *v. and n.* (סים'־ער) אנהויבען
אויפצוזידען; זשומען ווי ביים אויפזי־
דען; אונטערהיצען; פערקאכען; האלטען
ביים אויספלאצען [פון כעס]; דאס זשו־
מען [ביים אויפזידען].
sim'nel *n.* (סים'־נעל) *simlin* ז.
sim'nel bread (סים'־נעל ברעד) אזא
געבעקס. ז. *simlin*
Sim'nel Sun'day (סים'־נעל סאנ'־דיי)
דער פיערטער זונטאג פון דער קריסטלי־
כער פאסט־צייט.
simo'niac *n.* (סי־מאו'־ני־עק) איינער
וואס קויפט אדער פערקויפט קירכען־עמ־
טער; איינער וואס האנדעלט מיט הייליג־
קייטען.
simoni'acal *a.* (סים־א־נאי'־ע־קעל)
שולדיג אין סימאניע [דאס קויפען אדער
פערקויפען קירכליכע עמטער אדער האנד־
לען מיט הייליגקייטען]; וואס איז שייך
צו סימאניע; וואס האנדעלט מיט הייליג־
קייטען.
simoni'acally *adv.* (סים־א־נאי'־ע־
קעל־אי) בעגעהענדיג דעם פערברעכען פון
סימאניע, אויף'ן אופן פון סימאניע [דאס
האנדלען מיט הייליגקייטען, דאס קויפען
אדער פערקויפען קירכליכע עמטער].
si'mon-pure' *a.* (סאי'־מאן־פיור')
עכט, אמת'דיג, ריכטיג.
He is a simon-pure Indian.
sim'ony *n.* (סים'־א־ני) סימאניע, די
זינד פון האנדלען מיט הייליגקייטען; די
זינד פון קויפען אדער פערקויפען קירכ־
ליכע עמטער.
simoom' *n.* (סי־מוהם') דער סאמום
[אזא שטיקענדער, הייסער מדבר־ווינד].
simoon' *n.* (סי־מוהן') *simoom* ז.
simos'ity *n.* (סאי־מאס'־אי־טי) פלאכ־
נאזיגקייט; דאס האבען א פלאטשיגע אדער
פערריסענע נאז; דאס זיין קאנקאוו [אויס־
געבויגענקייט נאך אינוועניג].
si'mous *a.* (סאי'־מאס) פלאכנאזיג, וואס
האט א פלאטשיגע נאז; וואס האט א
פערריסענע נאז; קאנקאוו, געבויגען נאך
אינוועניג.
sim'per *v. and n.* (סים'־פער) שמייכלען
מיט א געמאכטען אדער נארישען שמיי־
כעל; א געמאכטער אדער נארישער שמיי־
כעל.
sim'perer *n.* (סים'־פער־ער) איינער
וואס שמייכעלט מיט א געמאכטען אדער
נארישען שמייכעל.
sim'pering *a.* (סים'־פער־אינג) וואס
שמייכעלט מיט א געמאכטען אדער נארי־
שען שמייכעל; געמאכט, אפעקטירט,
כלומר'שדיג; נאריש.
sim'peringly *adv.* (סים'־פער־אינג־לי)
מיט א געמאכטען אדער נארישען שמיי־
כעל.
sim'ple *a., n. and v.* (סימפל) איינפאך,
פשוט; ניט בעציערט, ניט געקינסטעלט;
אויפריכטיג, אפענהערציג; אונענטוויקעלט;
ניט איבערשפיצט, נאריש, לייכט, פער־
שטענדליך; ניט קאמפליצירט; נידריג,
ארים; ניט געמישט, ניט צוזאמענגעזעצט;
אונוויכטיג; א סימפלום, א סימפלעקס [א
ניט־געמישטע אדער ניט־צוזאמענגעזעצטע
זאך, אן עלעמענט]; א הייל־פלאנצע; א
קרייטער־מעדיצין; זאמלען הייל־קרייטי־
כער.
sim'ple con'tract (סימפל קאנ'־
טרעקט) א מינדליכער אבמאך, א ניט גע־
שריבענער אדער א ניט אונטערגעשריבע־
נער אבמאך.
sim'ple frac'tion (סימפל פרעק'־שאן)
א געוועהנליכע ברוך־צאהל [ווי $\frac{3}{4}$ $\frac{2}{3}$ א.
ז. וו.], אין געגענזאץ צו א דאפעל־ברוך־
צאהל, וואס קומט פון טיילען א ברוך־
צאהל אויף א ברוך־צאהל, ווי $\frac{\frac{1}{2}}{\frac{2}{3}}$].
sim'ple-heart'ed *a.* (סימפל־הארט'־
עד) אויפריכטיג, ערנסט; גוטהארציג.
sim'ple in'terest (סימפל אינ'־טער־
עסט) איינפאכע פראצענטען, קאפיטאל־
פראצענטען [אין געגענזאץ צו פראצענט
פון פראצענט].
sim'ple lar'ceny (סימפל לאר'־סע־ני)
איינפאכע גנבה [וואס איז ניט דורכגע־

פיהרט אונטער אומשטענדען וואס מאכען שגעגערער די שולד].

sim'ple leaf (סימפל ליעף) אן איינפאך בלאט [וואס בעשטעהט פון איין טייל].

sim'ple med'icine (סימפל מעד'-אי-סין) א ניט געמישטעס אדער ניט צוזאמענגעזעצטעס הייל-מיטעל, א מעדיצין וואס בעשטעהט פון איין מין.

sim'ple-mind'ed *a.* (סים'פל-מאינד'-עד) איינפאך, ניט איבערגעשפיצט, אהן חכמות.

sim'ple-mind'edness *n.* (סים'פל-מאינד'-עד-נעס) איינפאכקייט, דאס זיין ניט איבערגעשפיצט.

sim'pleness *n.* (סים'פל-נעס) ז. *simplicity*.

sim'ple num'ber (סימפל נאמ'-בער) אן אבסטראקטע צאהל [סתם א צאהל, ניט א צאהל פון געוויסע זאכען].

sim'pler *n.* (סים'-פלער) א קרייטערזאמלער, א זאמלער פון הייל-גראזען.

sim'ples *n.* (סימפלז) 1. הייל-קרייטיכער; קרייטער-מעדיצין; ניט צוזאמענגעזעצטע זאכען; 2. נארישקייט, נארישע אויפפיהרונג.

2. He has a fit of simples.

sim'ple Si'mon (סימפל סאי'-מאן) א פשוטער, נארישער יונג.

sim'pleton *n.* (סים'פל-טאן) א נאר, א דומקאפ; א מין אמעריקאנישער שטראנדלויפער [אזא פויגעל. ז. *dunlin*].

sim'ple-toothed *a.* (סים'פל-טוהטהד) וואס האט איין פאר שנייד-צייהנער [פאדערשטע צייהנער] אויבען און איין פאר אונטען.

sim'ple-winged *a.* (סים'פל-הווינגד) וואס האט גלייכע, ניט געצאקטע פליגלען.

simplic'ident *a. and n.* (סים-פליס'-אי-דענט) וואס האט בלויז איין פאר אויבערשטע שנייד-צייהנער [פאדערשטע צייהנער]; א גריזשענד חיה'לע מיט איין פאר אויבערשטע שנייד-צייהנער.

simplic'ity *n.* (סים-פליס'-אי-טי) איינפאכקייט, פשוט'קייט; דאס זיין ניט געמישט אדער ניט צוזאמענגעזעצט; דאס זיין ניט קאמפליצירט; לייכטקייט, פערשטענדליכקייט; ניט-געקינסטעלטקייט; אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט; נארישקייט, דומהייט.

simplifica'tion *n.* (סים-פלי-פי-קיי'-שאן) פעראיינפאכונג.

sim'plify *v.* (סים'-פלי-פאי) מאכען איינפאך, פעראיינפאכען.

sim'plism *n.* (סים'-פליזם) דאס פרעדיגען איינפאכקייט און נאטירליכקייט; שטרעבונג צו איינפאכקייט און נאטירליכקייט; געמאכטע איינפאכקייט.

sim'plist *n.* (סים'-פליסט) ז. *simpler*.

sim'ply *adv.* (סים'-פלי) 1. איינפאך, פשוט; 2. קלאר, ניט פערפלאנטערט, לייכט, פערשטענדליך; 3. אויף אן איינפאכען, נאטירליכען אופן; 4. מיט פשוטקייט אדער אויפריכטיגקייט; 5. אויף א נארישען, דומען אופן; 6. בלויז, נור; 7. אבזאלוט; אין פולען זין פון ווארט.

1. It simply can not be done. 2. He writes clearly and simply. 4. He dresses very simply.

simula'crum *n.* (סים-יו-ליי'-קראם) אן עהנליכקייט, א בילד, א פערשטעלונג פון עפעס; אן אונקלארע אדער ניט ריכטיגע עהנליכקייט אדער פערשטעלונג; א צייכען, וואס דייטעט אן אויף עפעס.

sim'ulant *a. and n.* (סים'-יו-לענט) סימולירענד, פערשטעלט, כלומר'שט, געמאכט, היפאקריטיש, פאלש; וואס זעהט אויס ווי עפעס אנדערש, וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון עפעס אנדערש; א סימולאנט, איינער אדער עטוואס וואס איז פערשטעלט, פאלש אדער ניט עכט; א פאלשער מענש, א היפאקריט; עטוואס וואס זעהט אויס ווי אן אנדער זאך אדער פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדער זאך.

sim'ular *a. and n.* (סים'-יו-לאר) סימולירט, פערשטעלט, פאלש, היפאקריטיש, כלומר'שט; א פערשטעלטער, פאלשער מענש; א היפאקריט.

sim'ulate *v. and a.* (סים'-יו-לייט) 1. סימולירען, זיך פערשטעלען; נאכמאכען, נאכאהמען; 2. זיין עהנליך; 3. אומענדערען א ווארט אזוי, אז עס זאל זיין עהנליך צו אן אנדער ווארט; 4. סימולירט, פערשטעלט, היפאקריטיש, כלומר'שט, געמאכט.

1. The murderer simulated insanity. 2. Some insects simulate flowers.

simula'tion *n.* (סים-יו-ליי'-שאן) סימולירונג, פערשטעלונג; נאכאהמונג; עהנליכקייט; דאס ענדערען א ווארט אזוי, אז עס זאל זיין עהנליך צו אן אנדערען; א פיקטיווער, כלומר'שדיגער אבמאך.

sim'ulator *n.* (סים'-יו-ליי-טאר) א סימולאנט, א היפאקריט, א פאלשער, פערשטעלטער מענש.

sim'ulatory *a.* (סים'-יו-ליי-טא-רי) סימולירט, פערשטעלט, פאלש, היפאקריטיש; וואס נארט אב [דורך פערשטעלען זיך].

sim'ulism *n.* (סים'-יו-ליזם) אין זאאלאגיע — עהנליכקייט, דאס זיין עהנליך צו עפעס אנדערש [ווי למשל, אן אינזעקט, וואס איז עהנליך צו א בלאט].

simultane'ity *n.* (סאי-מאל-טע-ני'-אי-טי) גלייכצייטיגקייט, דאס פארקומען אדער עקזיסטירען אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

simulta'neous *a.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס) גלייכצייטיג, וואס עקזיסטירט אדער פאסירט אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

simulta'neously *adv.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס-לי) גלייכצייטיג, אין איין און דערזעלבער צייט.

simulta'neousness *n.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס-נעס) גלייכצייטיגקייט, דאס עקזיסטירען אדער פאסירען אין איין און דערזעלבער צייט.

sin *n., v., adv., prep. and c.* (סין) א זינד, אן עברה; זינדיגען, בעגעהן א זינד; ברייגען צו עפעס דורך זינד; זינט, וויל, אזוי ווי [ז. *since*].

Sina'ic *a.* (סאי-ניי'-איק) ז. *Sinaitic*.

Sinait'ic *a.* (סאי-נע-איט'-איק) וואס איז שייך צום בארג סני אדער צום האלבאינזעל סני [וואו דער בארג סני געפינט זיך].

sin'apism *n.* (סינ'-ע-פיזם) א זענעפט-פלאסטער, א גארטשיצע-פלאסטער.

sin'apize *v.* (סינ'-ע-פאיז) בעשפרענקלען ווי מיט זענעפט [גארטשיצע].

sinap'olin *n.* (סי-נעפ'-א-לין) ז. *sinapoline*.

sinap'oline *n.* (סי-נעפ'-א-לין) סינאפאלין [אזא כעמישער שטאף, וואס קומט פון זענעפט-אויל].

sin'-born *a.* (סינ'-באהרן) געבארען פון זינד, וואס שטאמט פון זינד.

sin'-bred *a.* (סינ'-ברעד) געקומען אדער ערצויגען פון זינד.

since *adv., prep. and c.* (סינס) 1. זייט, זינט, נאכדעם; 2. פריהער, מיט א צייט צוריק; 3. ווייל, אזוי ווי.

1. Since my arrival I have met many friends. 3. Since you say so, I shall not argue with you on this point.

sincere' *a.* (סינ-סיער') אויפריכטיג; עהרליך; ריין, עכט, ניט פערדארבען.

sincere'ly *adv.* (סינ-סיער'-לי) מיט אויפריכטיגקייט; מיט עהרליכקייט; אויף א ריינעם, עכטען, אונפערדארבענעם אופן.

sincere'ness *n.* (סינ-סיער'-נעס) ז. *sincerity*.

sincer'ity *n.* (סינ-סער'-אי-טי) אויפריכטיגקייט; עהרליכקייט; עכטקייט, ריינקייט, אונפערדארבענקייט.

since then (סינס טהען) זייט דעמאלט, פון יענער צייט אן.

sincip'ital *a.* (סינ-סיפ'-אי-טעל) וואס איז שייך צום אויבערשטען טייל פון קאפ [הויפטזעכליך דעם פאדערשטען טייל, אין געגענזאץ צו דער פאטילניצע].

sin'ciput *n.* (סינ'-סי-פאט) דער אויבערשטער טייל פון קאפ [הויפטזעכליך דער פאדערשטער טייל אלס געגענזאץ צו דער פאטילניצע].

sine *c. and n.* (סאין) זינט, נאכדעם; אין טריגאנאמעטריע — א זינוס, די בעציהונג פון צוויי זייטען [די קאטעטע און היפאטענוזע] פון א דרייעק אין בעצוג צו דעם ווינקעל געגענאיבער דער בעטרעפענדער קאטעטע. דיעזע בעציהונג ווערט אויסגעדריקט אין א צאהל וואס קען ניט זיין מעהר ווי 1 [צ. ב. אין דעם דרייעק *ABC* איז די בעציהונג פון דער זייט *AC* צו דער זייט *AB*, ד. ה. *AC* געטיילט דורך *AB*, דער זינוס פון דעם ווינקעל *a*].

Sine

si'ne *prep.* (סאי'-ני) אהן.

sine'-com'plement *n.* (סאינ'-קאמ'-פלי-מענט) א קאזינוס. ז. *cosine*.

si'necural *a.* (סאי'-ני-קיור-על) וואס איז שייך צו א סינעקורע. ז. *sinecure*.

si'necure *n., a. and v.* (סאי'-ני-קיור) 1. א סינעקורע [אן איינטרעגליכעס אמט אהן ארבייט, אן איינטרעגליכעס גלח'שעס אמט אהן ארבייט אדער אהן געוויסע פליכטען]; 2. איינטרעגליך אהן ארבייט; 3. געבען איינעם א סינעקורע.

1. Many politicians lost their sinecures under the new administration.

si'necurism *n.* (סאי'-ני-קיור-איזם) 1. דאס בעזיצען א סינעקורע [אן איינטרעגליכעס אמט, וואס פאדערט ניט קיין ארבייט, אן איינטרעגליכעס גלח'שעס אמט אהן ארבייט אדער אהן געוויסע גלח'ישע פליכטען]; 2. א צושטאנד, ווען סינעקורען זיינען אן אפטע ערשיינונג.

2. Some government departments suffer deeply from sinecurism.

si'necurist *n.* (סאי'-ני-קיור-איסט) א בעזיצער פון א סינעקורע, איינער וואס האלט אן איינטרעגליכעס אמט, וואס פאדערט ניט קיין ארבייט. ז. *sinecure*.

si'ne di'e (סאי'-ני דאי'-אי) אהן א בעשטימטען טאג [ווען עטוואס, הויפטזעכליך א פערזאמלונג, ווערט אבגעלעגט אויף אן אונבעשטימטער צייט].

si'ne qua non (סאי'-ני קהוויי נאן) 1. אן אונבעדינגט נויטיגע זאך; 2. אונבעדינגט נויטווענדיג.

2. Lee's surrender was a condition sine qua non for the establishment of peace.

sin'ew *n. and v.* (סינ'-יו) קאסע, קאסקע [צאפ], קאסקע-געוועב, קאסקע-פעדים; א מוסקול; א נערוו; א סטרונע; ענערגיע;

קראַפּט; עטוואָס וואָס גיט קראַפּט; אַ קוואַל פון קראַפּט; אַ שטיצע; בעזאַרגען מיט קאַסקע, מיט מוסקולען אָדער מיט נערוועז; מאַכען שטאַרק; דיענען אַלס קראַפּט, שטאַרק צוזאַמענבינדען.

sin′ewiness *n.* (סינ׳-יו-אי-נעס) דאָס זיין מוסקולעז; קרעפטיגקייט, שטאַרקייט; דאָס האָבען קאַסקע אָדער שטאַרקע צוזאַמענבינדונגס=פעדים פון די מוסקולען.

sin′ewless *a.* (סינ׳-יו-לעס) אָהן קאַסקע [קאַסע, צאַפּ], אָהן שטאַרקע צוזאַמענבינדונגס=פעדים אין די מוסקולען; אָהן מוסקולען; קראַפּטלאָז, שוואַך.

sin′ewy *a.* (סינ׳-יו-אי) עהנליך צו קאַסקע [קאַסע, צאַפּ]; וואָס בילדעט קאַסקע; וואָס האָט שטאַרקע קאַסקע; מוסקולעז, קרעפטיג, שטאַרק.

sinfoni′a *n.* (סינ-פאָ-ני׳-אַ) אַ סימפאָניע. ז. *symphony*

sin′ful *a.* (סינ׳-פול) זינדיג, שלעכט, פערדאַרבען.

sin′fully *adv.* (סינ׳-פול-אי) אויף אַ זינדיגען אופן; דורך זינד.

sin′fulness *n.* (סינ׳-פול-נעס) זינדיגקייט, שלעכטקייט, פערדאַרבענהייט.

sing. אַבקירצונג פון *singular*

sing *v. and n.* (סינג) 1. זינגען; 2. בעזינגען, לויבען; 3. דיכטען; 4. קענען געזונגען ווערען; 5. אַ געשריי טהאָן, אַ קוויטש טהאָן; 6. בעגלייטען אָדער אויפנעהמען מיט געזאַנג; 7. אויספיהרען עפּעס דורך געזאַנג; 8. קלינגען [אין די אויערען]; 9. וואָיען, פייפען [ווי אַ ווינד]; 10. אַ געזאַנג; אַן אונטערהאַלט דורך געזאַנג.

2. His followers **sing** his praises. 4. This poem will **sing** to the tune of a hymn. 6. We **sang** the old year out and the new year in. 7. You cannot **sing** the savageness out of a tiger. 8. My ears **sing**.

sing′able *a.* (סינג׳-עבל) וואָס קען געזונגען ווערען.

sing′ableness *n.* (סינג׳-עבל-נעס) דאָס קענען געזונגען ווערען, דאָס זיין צוגעפּאַסט צום זינגען.

sing anoth′er song (סינג ענ-אַטה׳-ער סאָהנג) אַננעהמען אַן אַנדער טאָן, ענדערען דעם טאָן, ווערען מעהר הכנעה׳דיג.

sing anoth′er tune (סינג ענ-אַטה׳-ער טיון) ז. *sing another song*

singe *v. and n.* (סינדזש) סמאַליען, אַבסמאַליען; אַבברענען, אויסטריקענען; לייכט שעדיגען, אַנטהאָן אַ לייכטע׳ שאַדען; דאָס פערסמאַליען, דאָס אַבסמאַליען; אַ סמאַליענדע היץ; אַ לייכטע בראַנדוואונד; אַ לייכטער שאַדען, אַ לייכטע בעשעדיגונג.

singed cat (סינדזשד קעט) אַן אַבגעסמאַליעטע קאַץ; אַ גוטער מענש מיט אַ שלעכטען אויסזעהן; אַ מענש מיט אַ לייכט=געשעדיגטער רעפּוטאַציע.

singe′ing *n.* (סינדזש׳-אינג) דאָס סמאַליען; דאָס סמאַליען אַן עוף; דאָס אַבסמאַליען די האָר אָדער באָרווע [וואָרסע] פון ציץ [קאַטון].

singe′ing-lamp *n.* (סינדזש׳-אינג-לעמפּ) אַזאַ לאַמפּ אַבצוסמאַליען די האָר פון אַ פערד [אַנשטאָט זיי אַבצושערען].

singe′ing-machine′ *n.* (סינדזש׳-אינג-מע-שין׳) אַ מאַשין אַבצוסמאַליען די האָר אָדער באָרווע [וואָרסע] פון געוועבטען ציינג.

singe off (סינדזש אָף) אַבסמאַליען, אַרומסמאַליען, אַבברענען.

singe ones′ beard (סינדזש הוואַנז ביערד) מאַכען אַ שטאַרקען איבערפאַל, דערלאַנגען אַ שטאַרקען קלאַפּ.

sing′er *n.* (סינדזש׳-ער) איינער אָדער עטוואָס וואָס סמאַליעט; איינער וואָס סמאַליעט אַב די האָר אָדער די באָרווע [וואָרסע]. פון געוועבטע שטאָפען; אַ מאַשין אַבצוסמאַליען די באָרווע פון געוועבטע שטאָפען.

sing′er *n.* (סינג׳-ער) אַ זינגער אַ דיכטער; אַ דעקלאַמאַטאָר; אַ זינג=פויגעלע.

sing′ing *n. and a.* (סינג׳-אינג) דאָס זינגען; אַ געזאַנג; דיכטונג; דאָס בעזינגען; דאָס קלינגען אין די אויערען; זינגענד, עהנליך צו געזאַנג.

sing′ing-bird *n.* (סינג׳-אינג-בוירד) אַ זינג=פויגעל.

sing′ing-book *n.* (סינג׳-אינג-בוק) אַ געזאַנג=בוך.

sing′ing-gal′lery *n.* (סינג׳-אינג-געל׳-ער-אי) אַ כאָר=גאַלעריע אין אַ קלויסטער.

sing′ingly *adv.* (סינג׳-אינג-לי) זינגענדיג; אויף אַ זינגענדיגען שטייגער.

sing′ing-man *n.* (סינג׳-אינג-מען) אַ זינגער, אַ כאָריסט.

sing′ing-mas′ter *n.* (סינג׳-אינג-מעס׳-טער) אַ געזאַנג=לעהרער.

sing′ing-school *n.* (סינג׳-אינג-סקוהל) אַ געזאַנג=שול.

sing′ing-voice *n.* (סינג׳-אינג-וואָיס) די זינג=שטימע [די שטימע וואָס ווערט געברויכט ביים זינגען].

sing′ing-wom′an *n.* (סינג׳-אינג-הוואָמ׳-ען) אַ זינגערין, אַ כאָריסטין.

sin′gle *a., n. and v.* (סינגל) איינציג; איינצעלן; אַליין; אונפערהייראַט; בעזונדער; אונגעוועהנליך, וואָס איז אַן אויסנאַהמע; אינדיווידועל, פּערזענליך, פּריוואַט; איינפאַך, ניט קאָמפּליצירט, וואָס בעשטעהט בלויז פון איין זאַך; נאָרמאַל, געזונד; אויפריכטיג, פּשוט, עהרליך; עטוואָס וואָס איז איינצעלן אָדער איינציג; אין בייסבאָל=שפּיעל — אַזאַ אַבקלאַפּען דעם באָל, וואָס גיט די מעגליכקייט דעם אַבקלאַפּער אַבצולויפען אַ פיערטעל פון דעם שפּיעל=פּלאַץ; אין קריקעט=שפּיעל — אַ קלאַפּ, וואָס גיט די מעגליכקייט איין מאָל צו לויפען הין און צוריק; אַזאַ בעוועגונג פון פערד, ווען די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי געוועהנליך ביים לויפען און די פאָדערשטע ווי ביי גאַלאָפּ [ז. *rack*]; דער עק פון אַ חיה [אויף דער יעגער=שפּראַך]; אַבטיילען, אַבזונדערען, אויסקלייבען איינס אָדער איינעם פון פיעלע; זיך אַבטיילען, זיך אַבזונדערען; פעראיינינגען, צוזאַמענבינדען.

sin′gle-act′ing *a.* (סינ׳גל-עקט׳-אינג) וואָס ווירקט בלויז אין איין ריכטונג [וועגען מאַשינען און מאַשינען=טיילען].

sin′gle-banked *a.* (סינ׳גל-בענקט) וואָס האָט צו איין רודערער אויף יעדען זיץ=פּלאַץ [וועגען אַ שיף]; וואָס האָט נור איין רייה קלאַווישען [ווי אַן אָרגעל].

sin′gle-bar *n.* (סינ׳גל-באַר) ז. *swingletree*

sin′gle bless′edness (סינגל בלעס׳-עד-נעס) דאָס אונפערהייראַטע לעבען.

sin′gle-breast′ed *a.* (סינ׳גל-ברעסט׳-עד) איין=רייהיג, מיט איין רייה קנעפּ [וועגען אַ ראָק אָדער וועסט].

sin′gle-brood′ed *a.* (סינ׳גל-ברוהד׳-עד) וואָס ברייננט אַרויס קינדער בלויז איין מאָל אין יאָהר [וועגען אינזעקטען, פויגלען און חיות].

sin′gle com′bat (סינגל קאָמ׳-בעט) אַ דועל; אַ צוויי=קאַמפּף, אַ געפעכט צווישען צוויי.

sin′gle-cut *a.* (סינ׳גל-קאַט) וואָס איז געשניטען בלויז אין איין ריכטונג [וועגען אַ פייל].

sin′gle en′try (סינגל ענ׳-טרי) איינפאַכע בוכפיהרונג [אין געגענזאַץ צו דאָפּעלטער בוכהאַלטעריע, וואו יעדער פּאָסטען ווערט פערשריבען צוויי מאָל, אי אין דעביט אין אין קרעדיט].

sin′gle-eyed *a.* (סינ׳גל-איד) 1. איין=אויגיג, וואָס האָט איין אויג בלויז; 2. מיט אַ נאָרמאַלען, געזונדען אויג; 3. אויפריכטיג, איבערגעגעבען, טריי, זעלבסט=אויפּאָפּפערענד.

3. He is a noble, **single-eyed**, self-sacrificing man.

sin′gle file (סינגל פאַיל) אַ רייה פון איינצעלנע מענשען אָדער געגענשטענדע איינער הינטער׳ן אַנדערען.

sin′gle-flow′ered *n.* (סינ׳גל-פלאַו׳-ערד) וואָס האָט איין=איינציגע בלום.

sin′gle-foot *n. and v.* (סינ׳גל-פוט) אַזאַ בעוועגונג פון פערד, ווען די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי ביים לויפען און די פאָדערשטע ווי ביי גאַלאָפּ; זיך אַזוי בעוועגען [וועגען פערד]. ז. *rack*

sin′gle-foot′er *n.* (סינ׳גל-פוט׳-ער) אַ פערד וואָס בעוועגט זיך אַזוי, אַז די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי ביים געוועהנליכען לויפען און די פאָדערשטע ווי ביי גאַלאָפּ.

sin′gle-hand′ed *a.* (סינ׳גל-הענד׳-עד) 1. וואָס האָט איין האַנד; 2. וואָס קען געטהאָן ווערען מיט איין האַנד אָדער דורך איין מענשען; 3. זעלבסטשטענדיג, אַליין, אָהן ווערמענס עס איז הילף.

2. It was a **single-handed** undertaking. 3. He was left to fight **single-handed** against corruption.

sin′gle-heart′ed *a.* (סינ׳גל-האַרט׳-עד) אויפריכטיג, עהרליך.

My friend came to my assistance with his usual **single-hearted** kindness.

sin′gle-heart′edly *adv.* (סינ׳גל-האַרט׳-עד-לי) מיט אויפריכטיגקייט, מיט עהרליכקייט.

sin′gle life (סינגל לאַיף) דאָס אונפערהייראַטע לעבען.

sin′gle-load′er *n.* (סינ׳גל-לאָוד׳-ער) אַ ביקס וואָס ווערט געלאַדען מיט איין קויל.

sin′gle man (סינגל מען) אַן אונפערהייראַטער, אַ בחור; אין יוריספּרודענץ — אַן אונפערהייראַטע פּערזאָן [מאַן אָדער פרוי].

sin′gle-mind′ed *a.* (סינ׳גל-מאַינד׳-עד) 1. אויפריכטיג, עהרליך; 2. וואָס האָט אין זינען בלויז איין זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט אַבווענדען אַן אַ זייט, וואָס האַלט זיך שטרענג אָן עפּעס.

1. She is an unpretending, **single-minded**, artless girl. 2. No influence could distract his **single-minded** loyalty.

sin′gle-mind′edness *n.* (סינ׳גל-מאַינד׳-עד-נעס) אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט; דאָס האָבען אין זינען איין זאַך, דאָס האַלטען זיך שטרענג אָן עפּעס.

sin′gle mon′ey (סינגל מאַנ׳-אי) קליינגעלד.

sin′gleness *n.* (סינ׳גל-נעס) איינציגקייט, איינצעלהייט; דאָס זיין אונפערהייראַט; דאָס זיין בעזונדער; אונגעוועהנליכקייט; דאָס זיין אַן אויסנאַהמע; דאָס זיין פּערזענליך; פּריוואַטקייט; איינפאַכקייט, ניט=קאָמפּליצירטקייט; דאָס בעשטעהן בלויז פון איין זאַך; נאָרמאַלקייט,

געזונדקייט; אויפריכטיגקייט, פשוט'קייט, עהרליכקייט.

sin'gle pneumo'nia (סינגל ניו-מאו'-ני-א) ענטצינדונג פון איין לונג.

sin'gles *n.* (סינגלז) צוזאמענגעדרעהטע פאדים פון רויהען זייד; אין טענים=שפיעל — א שפיעל פון צוויי מענשען. ז. *single*

sin'gle-soled *a.* (סינ'גל-סאולד) ארים.

sin'gle stan'dard (סינגל סטענ'-דארד) מאנאמעטאליזם. ז. *monometallism*

sin'gle state (סינגל סטייט) דאס זיין אונפערהייראטט; דאס אונפערהייראטע לעבען.

sin'gle-stick *n.* (סינ'גל-סטיק) אזא קורצער, דיקער שטעקען וואס ווערט געברויכט אלס וואפע און ווערט געהאלטען ביים פעכטען מיט איין האנד; פעכטען מיט אזא שטעקען; א הילצערנע שווערד וואס ווערט געברויכט פאר געפעכט=איבונגען.

sin'gle-stick'er *n.* (סינ'גל-סטיק'-ער) אן איין=מאסטיגע שיף.

sin'gle tax (סינגל טעקס) א שטאאטס=שטייער בלויז אויף לאנד [לויט דער לעהרע פון דעם אמעריקאנישען עקאנאמיסט הענרי דזשארדזש, דארף דיעזער שטייער בריינגען צו דער נאציאנאליזירונג פון דער ערד און דורך איהר צו דער אבשאפונג פון עקאנאמישער אונגלייכהייט].

sin'gle-tax'er *n.* (סינ'גל-טעקס'-ער) איינער וואס פאדערט, אז דער שטאאט זאל ציהען זיינע הכנסות בלויז פון שטייערען אויף לאנד; א הענרי דזשארדזשיסט, אן אנהענגער פון דעם אמעריקאנישען עקאנאמיסט הענרי דזשארדזש. ז. *single tax*

sin'gle-tax'ism *n.* (סינ'גל-טעקס'-איזם) די טעאריע פון שטאאטס=שטייערען בלויז אויף לאנד; הענרי דזשארדזשיזם, די עקאנאמישע לעהרע פון הענרי דזשארדזש. ז. *single tax*

sin'gleton *n.* (סינ'גל-טאן) אין וויסט [אזא קארטען=שפיעל] — א האנד קארטען, אין וועלכער עס געפינט זיך בלויז איין קארט פון א גאנג קארטען; איין קארט פון א גאנג אין דער האנד פון א שפיעלער [אין וויסט]; א שוטה, א נאר.

sin'gletree *n.* (סינ'גל-טריע) ז. *swingletree*

sin'gle wom'an (סינגל הוואומ'-ען) אן אונפערהייראטע פרוי.

sin'glings *n.* (סינ'-גלינגז) דער ספיריט וואס קומט ארוים צום ערשטען ביים דיסטילירען.

sin'glo *n.* (סינ'-גלאו) א מין טהעע מיט גרויסע שוואך צוזאמענגעראלטע בלעטער.

sin'gly *adv.* (סינ'-גלי) אלס איינצעלנע פערזאן, אלס איינצעלנע זאך; איינציגווייז; אויף אן אויפריכטיגען, איינפאכען, עהרליכען אופן.

sing out (סינג אוט) אויסשרייען, אויסרופען, רופען אויף'ן קול.

sing'-sing *n.* (סינג'-סינג) א מין אפריקאנישע אנטילאפע. ז. *kob*

sing small (סינג סמאהל) אננעהמען א הכנעה'דיגען טאן; שפיעלען אן אונטערגעארדענטע אדער אונוויכטיגע ראלע.

sing'song *a., n. and v.* (סינג'-סאהנג) וואס פערפאסט ליעדער, וואס מאכט גראמען; וואס איז איינטאניג=ריטמיש, אונטערזינגענדיג; א געדיכט צוגעפאסט צום זינגען; גראמען, גראם=שטראם=פאעזיע; אן איינטאניג=ריטמישער ניגון; דאס אונטערזינגען ביים רעדען; א פערזאמלונג, וואו יעדער אנטייל=נעהמער זינגט עפעס; פערפאסען ליעדער אדער גראמען; אונטערזינגען, ריידען מיט א ניגון.

sing'spiel *n.* (סינג'-ספיעל) א זינג=שפיעל [א האלב=דראמאטישעס ווערק, אין וועלכען אייניגע טיילען ווערען געזונגען].

sing to sleep (סינג טו סליעפּ) איינשלעפערען דורך געזאנג.

sin'gular *a. and n.* (סינ'-גיו-לאר) 1. איינצעלן; 2. אינדיווידועל, פערזענליך, וואס איז שייך צו איינצעלנע פערזאנען אדער זאכען; 3. איינציג אין פאך, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט; 4. אין גראמאטיק — וואס איז שייך צום סינגולאר אדער איינצאהל [די גראמאטישע פארם וואס בעצייכענט איין זאך אדער איין פערזאן]; 5. אייגענטימליך, זאנדערבאר, מאדנע; 6. בעזאנדערס, אויסערגעוועהנליך, אויסגעצייכענט, בעמערקענסווערטה; 7. אין מאטעמאטיק — וואס איז אן אויסנאהמע; 8. איינצעלהייט, אן איינצעלנע פערזאן אדער זאך; 9. אן אריגינאל, אן עקסצענטריקער, איינער וואס צייכענט זיך אוים מיט ספּעציעלע אייגענטימליכקייטען; איינער אדער עטוואס וואס איז זאנדערבאר אדער מאדנע; 10. אין גראמאטיק — דער סינגולאר, די איינצאהל.

2. This is my **singular** opinion. 3. The discovery of America was a **singular** event in the history of civilization. 5. His life is not extraordinary but rather **singular**. 6. He is a man of **singular** integrity and learning.

singularisa'tion *n.* (סינ-גיו-לאר-אי-זיי'-שאן) ז. *singularization*

sin'gularise *v.* (סינ'-גיו-לאר-איז) ז. *singularize*

singular'ity *n.* (סינ-גיו-לער'-אי-טי) איינצעלהייט, איינציגקייט; דאס זיין פערזענליך; איינציגקייט; אבגעזונדערטקייט; דאס זיין אונפערהייראט; זאנדערבארקייט; אויסערגעוועהנליכקייט; אייגענטימליכקייט; א זאנדערבארע פערזאן, פאסירונג א. ז. וו. ז. *singular*

singulariza'tion *n.* (סינ-גיו-לאר-אי-זיי'-שאן) פעראיינצעלונג; דאס איבערטראגען פון מעהרצאהל אין איינצאהל, דאס געברויכען אין איינצאהל אנשטאט אין מעהרצאהל.

sin'gularize *v.* (סינ'-גיו-לאר-איז) פעראיינצעלען; פערוואנדלען מעהרצאהל אין איינצאהל, געברויכען אין איינצאהל אנשטאט אין מעהרצאהל; אויסצייכנען.

sin'gularly *adv.* (סינ'-גיו-לאר-לי) 1. אין איינצאהל; 2. אין בעצוג בלויז צו איין פערזאן, פערזענליך; 3. אויף א זאנדערבארען, מאדנעם אדער אייגענטימליכען אופן; אויף א זעלטענעם, מערקווירדיגען אדער אויסערגעוועהנליכען אופן.

3. He was **singularly** fortunate in his investments.

sin'gularness *n.* (סינ'-גיו-לאר-נעס) ז. *singularity*

sin'gular num'ber (סינ'-גיו-לאר נאמ'-בער) דער סינגולאר, די איינצאהל [די גראמאטישע פארם וואס בעצייכענט איין פערזאן אדער איין זאך].

singul'tous *a.* (סינ-גאל'-טאס) וואס איז שייך צו שלוקערצען, וואס ליידט פון שלוקערצען.

singul'tus *n.* (סינ-גאל'-טאס) א שלוקערץ.

Sin'ic *a.* (סינ'-איק) כינעזיש.

sin'ical *a.* (סינ'-אי-קעל) וואס געהערט צו א סינוס [זינוס], סינוס=ארטיג. ז. *sine*

Sin'icism *n.* (סינ'-אי-סיזם) כינעזיזם, כינעזישע מאניערען, מנהגים א. ז. וו.

sin'ister *a.* (סינ'-אים-טער) 1. לינקס, וואס געפינט זיך צו לינקס; 2. וואס זאגט אן אויף שלעכטס, וואס דראהט מיט אונגליק, וואס ברייננגט אונגליק, שלים=מזל'דיג, שעדליך, אונגליקליך; 3. בייז, שלעכט; 4. אונאנגענעהם.

2. The news from the old folks had a **sinister** meaning.

sin'ister-hand'ed *a.* (סינ'-אים-טער-הענד'-עד) געלינקט; שלים=מזל'דיג, אונגליקליך.

sin'isterly *adv.* (סינ'-אים-טער-לי) דראהענדיג מיט אונגליק, פארויסזאגענדיג אויף אונגליק, ברייננגענדיג אונגליק; מיט שלעכטקייט, מיט בייזקייט; אויף א שעדליכען אדער אונגליקליכען אופן.

sin'isterness *n.* (סינ'-אים-טער-נעס) דאס ענטהאלטען א דראהונג אדער אן אנזאג אויף שלעכטס אדער אונגליק; שעדליכקייט, אונגליקליכקייט; בייזקייט, שלעכטקייט.

sinis'tra *adv.* (סי-ניס'-טרא) אין מוזיק — מיט דער לינקער האנד [אן אנדייטונג צו שפיעלען מיט דער לינקער האנד].

sin'istrad *adv.* (סינ'-אים-טרעד) צו לינקס.

sin'istral *a.* (סינ'-אים-טרעל) לינק, נעבויגען אדער אבגעווענדעט נאך לינקס; וואס האט ביידע אויגען אויף דער לינקער זייט פון קאפּ [ווענען געוויסע פיש].

sinistral'ity *n.* (סינ-אים-טרעל'-אי-טי) לינקקייט; געבויגענקייט נאך לינקס.

sin'istrally *adv.* (סינ'-אים-טרעל-אי) צו לינקס.

sinistra'tion *n.* (סינ-אים-טריי'-שאן) אבווענדונג אדער אבבויגונג נאך לינקס; לינקקייט; אבגעבויגענקייט נאך לינקס.

sinistrogy'ric *a.* (סינ-אים-טרא-דזשאי'-ריק) וואס ווירקט אדער בעוועגט זיך פון רעכטס צו לינקס.

sinistror'sal *a.* (סינ-אים-טראהר'-סעל) ז. *sinistrorse*

sin'istrorse *n.* (סינ'-אים-טראהרס) נעווענדעט נאך לינקס, וואס ווענדעט זיך נאך לינקס, געריכטעט נאך לינקס.

sin'istrous *a.* (סינ'-אים-טראס) לינק; וואס דייטעט אן אויף שלעכטס, וואס זאגט פארויס אויף שלעכטס; אונגליקליך, שלים=מזל'דיג.

sin'istrously *adv.* (סינ'-אים-טראס-לי) נאך לינקס; געלינקט; אונגליקליך, שלים=מזל'דיג, פארויסזאגענדיג אויף שלעכטס.

sink *v. and n.* (סינק) 1. זינקען, פערזינקען, אראבזינקען; 2. פערדארבען, דעגענערירען; דעגענערירט ווערען, פערדארבען ווערען; 3. אראבדריקען, ערנידריגען; ערנידריגט ווערען; ווערען נידריגער, געהן אראב=צו; 4. פערמינדערען; מאכען נידריגער [דעם טאן, די שטימע]; פערמינדערט ווערען; 5. אונטערגעהן, פערגעהן [ווי די זון, די לבנה, די שטערן]; 6. פאלען; 7. טיעף איינדרינגען, איינגעזאפּט ווערען; 8. איינפאלען, זיין איינגעפאלען; 9. זיך זעצען, זיך אראבלאזען, זיך פערשפּרייטען; 10. אונטערגעהן, פערניכטעט ווערען; פערניכטען; 11. אויסגראבען; 12. איינגראבען; 13. פערלירען געלד [אין אן אונ-

טערנעהמונג]; 14. פערבארגען, אונטערדריקען, ניט ארויסברייגגען; 15 איינשניידען טיעפער [אין דעקאראציאנס-ארבייט]; א רינשטאק; אן אבצוג, א קלאאקע, א קאנאל [פאר אונריינעם וואסער]; אן אבצוגס-גרוב; א וואסער-אבגוס [א באסיין אין א קיך אדער וואש-צימער צום וואשען]; אן אבצוגס-לאך, אן עפנונג צום ארויסלאזען אונריינעם וואסער; א מיאוס'ער, אויסגעלאסענער אדער אונאנשטענדיגער פלאץ; א פערטיעפונג אדער א בלאטיגע געגענד, וואו עס פערזינקט דאס וואסער פון א טייך; א פאל-טהיר אין א טעאטער צום אויפהויבען און אראבלאזען דעקאראציאנען; א ניט טיעפע אויסגראבונג אין א מינע; אן איינגעזונקענער פלאץ אין א סטערעאטיפישער פלאטע.

3. The old time "favorite of the people" **sank** into insignificance. 4. His voice **sank**. 6. The invalid **sank** into a chair. 8. He has **sunken** cheeks. 9. Silence **sunk** on all around. 11. The miners **sunk** a shaft.

sink'able *a.* (סינק'-עבל) וואס זינקט, וואס קען געזונקען ווערען.

sink a debt (סינק ע דעט) אבצאהלען אדער רעקען א חוב.

sink back (סינק בעק) צוריקפאלען; זיך צוריקלעהנען.

sink'er *n.* (סינק'-ער) איינער אדער עט-וואס וואס זינקט אדער בריינגט צום זינקען; א געוויכט ארונטערצולאזען עפעס אין וואסער.

sink'-hole *n.* (סינק'-האול) אן אבצוגס-לאך, אן עפנונג ארויסצולאזען אונריינעם וואסער.

sink'ing *n. and a.* (סינק'-אינג) 1. דאס זינקען; אויסגראבונג; איינדריקונג, פערטיעפונג; א פוגע, אן איינשניט אין א ברעט; דאס מאכען פוגעס אדער איינשניטע אין ברעטער; זינקענד, פערניכטענד; 2. וואס פעראורזאכט א געפיהל פון חלשות.

2. The patient had a **sinking** spell.

sink'ing-fund *n.* (סינק'-אינג-פאנד) א פאנד צו צאהלען די פאלקס-שולדען.

sink'-stone *n.* (סינק'-סטאון) א געלע-כערטער שטיין איבער אן אבצוגס-רעהר אדער אין א וואסער-אבגוס.

sink the shop (סינק טהי שאפ) זיך צוריקהאלטען פון געשפרעכען וועגען דער אייגענער פראפעסיאן אדער בעשעפטיגונג.

sink'-trap *n.* (סינק'-טרעפ) א פאררי-כטונג ביי אן אבצוגס-רעהר, וואס דערלאזט ניט, אז די גאזען פון דער רעהר זאלען אריינקומען אין די וואהנונגען.

sin'less *a.* (סינ'-לעס) זינדלאז, אונשולדיג, אהן זינד.

sin'lessly *adv.* (סינ'-לעס-לי) אהן זינד, אונשולדיג.

sin'lessness *n.* (סינ'-לעס-נעס) אונשולדיגקייט, זינדלאזיגקייט.

sin'ner *n.* (סינ'-ער) א זינדער, א בעל-עברה.

sin'ner it (סינ'-ער איט) זיך אויפפיהרען ווי א בעל-עברה.

sin'-of'fering *n.* (סינ'-אפ'-ער-אינג) א קרבן חטאת.

sinolog'ical *a.* (סינ-א-לאדזש'-אי-קעל) סינאלאגיש, וואס איז שייך צו סינאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער כינעזישער שפראך, כינעזישער ליטעראטור, געשיכטע א. ז. וו.].

sinol'ogist *n.* (סי-נאל'-א-דזשיסט) ז. *sinologue*.

sin'ologue *n.* (סינ'-א-לאג) א סינאלאג [א קענער פון דער כינעזישער שפראך, ליטעראטור, געשיכטע א. ז. וו.].

sinol'ogy *n.* (סי-נאל'-א-דזשי) סינאלאגיע, די וויסענשאפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער כינעזישער שפראך, ליטעראטור, היסטאריע א. ז. וו.

sino'pia *n.* (סי-נאו'-פי-א) ז. *sinopis*.

sino'pis *n.* (סי-נאו'-פיס) אזא רויטע פארב וואס ווערט געמאכט פון רויטען אייזענקווארץ [אזא אייזען-ערד].

sin'ople *n.* (סינ'-אפל) רויטער אייזענקווארץ [אזא אייזען-ערד].

sin'ter *n.* (סינ'-טער) סינטער [אזא קאלכיגער שטאף וואס ווערט אבגעלאגערט אין וואסער-קוועלען].

Sin'to *n.* (סינ'-טאו) ז. *Shinto*.

Sin'tu *n.* (סינ'-טוה) ז. *Shinto*.

sin'uate *v. and a.* (סינ'-יו-אייט) שלענגלען, בויגען היין און הער; װעלענפערמיג, געשלענגעלט, געבויגען היין און הער; געצאקט.

sin'uated *a.* (סינ'-יו-איי-טעד) געשלענגעלט, געבויגען היין און הער; געצאקט.

sin'uately *adv.* (סינ'-יו-אייט-לי) אויף א געשלענגעלטען אופן; געבויגען היין און הער; מיט צאקען.

sinua'tion *n.* (סינ-יו-איי'-שאן) א ווינדונג, א שלאנגען-פערמיגע אויסבויגונג.

sin'uose *a.* (סינ'-יו-אוס) ז. *sinuous*.

sinuos'ity *n.* (סינ-יו-אס'-אי-טי) וועלען-פערמיגקייט, א שלאנגען-פערמיגע אויסבויגונג, א וועלען-פערמיגע ווינדונג.

sin'uous *a.* (סינ'-יו-אס) געשלענגעלט, וועלען-פערמיג; געדרעהט, געבויגען היין און הער; וואס דרעהט, וואס קרוטשעט, וואס שווינדעלט.

sin'uously *adv.* (סינ'-יו-אס-לי) אויף א שלאנגען-פערמיגען אדער וועלען-פערמיגען אופן; געדרעהט, געבויגען היין און הער.

sin'uousness *n.* (סינ'-יו-אס-נעס) ז. *sinuosity*.

si'nus *n.* (סאי'-נאס) אן אויסבויגונג, א בויג; א בוכט, א מעער-בוזים, א ים-אויסגוס; א חלל אדער עפנונג פון א ביין, א פערטיעפונג אדער א גריבעל אין אן אבר; א פיסטול, אן עפנונג וואס פיהרט צו א געשוויר; די רונדונג צווישען צוויי צאקען פון א בלאט.

sip *v. and n.* (סיפ) זופען, טרינקען מיט קליינע שלוקען; זויגען; א זופ טהאן, נעהמען א זופ; דאס זופען; א זופ, א שלוק.

sipe *v.* (סאיפ) טריפען, דורכרינען, דורכנעצען; ווייקען.

siph'ilis *n.* (סיפ'-אי-ליס) ז. *syphilis*.

si'phon *n. and v.* (סאי'-פאן) א סיפאן [אזא פלאש אין וועלכער מען האלט סעלצער אדער אנדערע וואסער-געטרענקע וועלכע ענטהאלטען גאזען]; א סיפאן-ראהר [אזא געבויגענער ראהר, וואס ווערט בענוצט ארויסצוציהען פליסיגקייט פון א כלי. דער ראהר ווערט געבויגען ניט אין דער מיטען, נאר אזוי, דאס דער ענד וואס איז אויסען איז לענגער און דער אנדערער ענד וואס קומט אריין אין דער פליסיגקייט איז קירצער]; א קאנאל אין קערפער דורך וועלכען עס געהט דורך וואסער אדער אן אנדער פליסיגקייט; ציהען וואסער אדער אן אנדער פליסיגקייט דורך א סיפאן-ראהר; פליסען דורך א סיפאן-ראהר.

si'phonage *n.* (סאי'-פאנ-עדזש) די ווירקונגס-טהעטיגקייט פון א סיפאן-ראהר.

si'phonal *a.* (סאי'-פאנ-על) ז. *siphon*. וואס איז שייך צו א סיפאן-ראהר; געבויגען אין דער פארם פון א סיפאן-ראהר. ז. *siphon*.

si'phon-barom'eter *n.* (סאי'-פאנ-בע-ראמ'-ע-טער) א סיפאן-בארא-מעטער [א בעראמעטער וואס איז אויסגעבויגען ווי א סיפאן-ראהר, איין ענד לענגער און דער אנדערער קירצער].

Siphon-barometer

si'phon-bot'tle *n.* (סאי'-פאנ-באט'ל) א סיפאן, א סיפאן-פלאש [אזא פלאש אין וועלכער מען האלט סעלצער אדער אנדערע וואסער-געטרענקע, וועלכע ענטהאלטען גאזען].

siphon'ic *a.* (סאי-פאנ'-איק) פון א סיפאן-ראהר, וואס איז שייך צו א סיפאן-ראהר.

si'phoniform *a.* (סאי'-פאנ-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א סיפאן-ראהר.

Siphonoph'ora *n.* (סאי-פא-נאפ'-א-רא) אזעלכע הידראזאען [ווייכע זשעלע-ארטיגע ים-בעשעפענישען] וועלכע שווימען אין גרויסע מחנות.

si'phonophore *n.* (סאי'-פא-נא-פאור) איינער פון די יעניגע הידראזאען [ווייכע זשעלע-ארטיגע ים-בעשעפענישען] וועלכע שווימען אין גרויסע מחנות.

sip'per *n.* (סיפ'-ער) א זופער, א שלוקער.

sip'pet *n.* (סיפ'-עט) א קליינער ביסען, א קליין שטיקעל; עטוואס וואס איז איינגעווייקט אין א פליסיגקייט צום עסען.

sip'pets *n.* (סיפ'-עטס) שטיקלעך ברויט איינגעווייקט אין מילך אדער זופ.

sip'ple *v.* (סיפל) זופען, שלוקען.

sir *n. and v.* (סויר) הערר, מיין הערר; א סער [אן אדעל-טיטול אין ענגלאנד]; אנרופען "סער"; געברויכען דאס ווארט "סער".

sircar' *n.* (סויר-קאר') אין אינדיען — די העכסטע אויטאריטעט, די רעגיערונג; דער הערר פון הויז; א דיענער וואס פיהרט די רעכנונגען פון דער הויז-האלט און וועלכער מאכט די איינקויפע פאר'ן הויז; א בעצירק, א פראווינץ.

sirdar' *n.* (סויר-דאר') אין אינדיען — א מיליטער-בעאמטער; א רעגיערונגס-פערזאן; א לייב-וועכטער; א הויפט-בעדיענטער, א הויפט-קעלנער.

sirdar'-bear'er *n.* (סויר-דאר'-בעהר'-ער) אין אינדיען — א הויפט-בעדיענטער; א הויפט-קעלנער; א לייב-וועכטער.

sire *n. and v.* (סאיר) א טיטול פון א קעניג אדער פרינץ ווען מען רעדט צו איהם; א פאטער; א פארפאטער; אן עלטעסטער; אן אלטע פערזאן; דער שטאם-פאטער ביי הויז-טהיערע; ערצייגען, פראדוצירען [וועגען הויז-טהיערע].

sire'less *a.* (סאיר'-לעס) אהן א פאטער; אונפרוכטבאר, אונפראדוקטיוו.

si'ren *n. and a.* (סאי'-רען) א סירענע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינע פון די ים-נימפען אדער האלבע ים-געטינען, וועלכע פלעגען דורך זייער זינגען פערפיהרען די ים-רייזענדע און פלעגען זיי פערניכטען. זיי ווערען פארגעשטעלט אין דער געשטאלט פון א יונגער פרוי מיט פליגלען און מיט פויגעלשע פיס]; א רייצענדע פערפיהרערין; א רייצענדער

זינגער אדער זינגערין; א פיש=עהנליכע ים=חיה, וועלכע האט צוויי פיס פון פארענט, ווי די ים=קוה; אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט הויפּטזעכליך פון מעטאלענע אדער הילצערנע פּלאטען מיט לעכלעך, וועלכע, ווען זיי ווערען שנעל געדרעהט איבער א לופט=שטראם אדער דאמפּף, געבען זיי ארוים שטארקע טענער אדער א הילכענדען פּייף; א סיגנאל=טרובע אויף א שיף אין דער צייט פון א נעבעל [טומאן]; אן אפּאראט צו בעשטימען די צאהל טאן=שווינגונגען פון מעטאלען אדער פון האלץ; פערפיהרעריש, אנציהענד, אנלאקענד.

sirene′ *n.* (סאי-ריען′) אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט הויפּטזעכליך פון מעטאלענע אדער הילצערנע פּלאטען מיט לעכלעך, וועלכע, ווען זיי דרעהען זיך איבער א לופט=שטראם אדער דאמפּף געבען זיי ארוים שטארקע טענער אדער א הילכענדען פּייף; א סיגנאל=טרובע אויף א שיף אין דער צייט פון א נעבעל [טומאן].

Sire′nia *n.* (סאי-רי′-ני-א) דער מין זויגענדע און גראז=עסענדע פיש=עהנליכע ים=חיות [זיי האבען מייסטענס צוויי פיס פון פארענט].

sire′nian *a.* *and* *n.* (סאי-רי′-ני-ען) ווי א סירענע, פערפיהרעריש, אנציהענד, אנלאקענד; וואס איז שייך צו די פיש=עהנליכע זויגענדע און גראז=עסענדע ים=חיות, ווי די ים=קוה א. ד. ג.; איינע פון דיעזע פיש=עהנליכע ים=חיות.

siren′ical *a.* (סאי-רענ′-אי-קעל) ווי א סירענע, פערפיהרעריש, אנלאקענד.

Sir′ian *a.* (סיר′-אי-ען) וואס איז שייך צו דעם סיריוס=שטערען אדער צו דעם הונד=שטערען. ז. *Sirius*

siri′asis *n.* (סי-ראי′-ע-סיס) זונען=שטיך [א קראנקהייט וואס ווערט פערורזאכט פון דער היץ פון דער זון]; א זון=באד [דאס באדען זיך אין די שטראהלען פון דער זון].

sirin′ga *n.* (סי-רינ′-גא) ז. *seringa*

sir′i-oil *n.* (סיר′-אי-איל) קעמעל=היי אויל. ז. *lemon-grass*

sir′itch *n.* (סיר′-איטש) סעזאם=אויל. ז. *bene*

Sir′ius *n.* (סיר′-אי-אס) דער סיריוס=שטערען אדער דער הונד=שטערען [א זעהר העל=ווייסער שטערען, דער העלסטער שטערן איז הימעל].

sirkar′ *n.* (סויר-קאר′) ז. *sircar*

sir′loin *n.* (סויר′-לאין) דאס לענדען=שטיק, דער לענדען=בראטען [פון א רינדפיה].

si′roc *n.* (סאי′-ראק) ז. *sirocco*

siroc′co *n.* (סי-ראק′-או) א דרום=מזרח ווינד אויף דעם מיטעללענדישען ים.

sir′rah *n.* (סיר′-א) יונג איינער, חברה′מאן, קערל.

sir′up *n.* *and* *v.* (סיר′-אפּ) סיראפּ, צוקער=זאפט; פערזיסען מיט סיראפּ; בעשמירען מיט סיראפּ.

sir′uped *a.* (סיר′-אפּט) מיט סיראפּ.

sir′upy *a.* (סיר′-אפּ-אי) סיראפּדיג, ווי סיראפּ.

sirvente′ *n.* (סיר-וואנט′) א סירוועונטעס [א שפּאט=ליעד אדער סאטירע=ליעד פון די אמאליגע טרובאדורען איבער די פערברעכענס פון דער הויכער געזעלשאפט].

sis *n.* (סיס) א מיידעל; א געליעבטע; א ליעב מיידעלע. ז. *siss*

sis′al *n.* (סיס′-על) ז. *Sisal hemp*

Sis′al grass (סיס′-על גרעס) ז. *Sisal hemp*

Sis′al hemp (סיס′-על העמפּ) אגאווע=פאזער [אזעלכע פעדים, וועלכע ווערען געמאכט פון דער אמעריקאנער אגאווע=פלאנצע].

sis′kin *n.* (סיס′-קין) א טשיזשיק [אזא קליין זינג=פויגעלע].

sis′kin-green *n.* (סיס′-קינ-גריען) א גרין=געלבליכער קאליר.

siss *n.* *and* *v.* (סיס) א מיידעל, א געליעבטע; א ליעב מיידעלע; צישען, שיפּען.

siss′ing *n.* (סיס′-אינג) א צישענדער אדער שיפּענדער קלאנג.

sist *v.* (סיסט) פארטרעטען פאר′ן געריכט צו ענטפערען; גערופען ווערען צו ענטפערען פאר′ן געריכט; אבשטעלען, אדער אבלעגען א פּראצעס.

sis′ter *n.*, *a.* *and* *v.* (סיס′-טער) א שוועסטער; א קלויסטער=שוועסטער, א מונישקע, א מאנאשקע; וואס איז א שוועסטער, וואס שטעהט אין עהנליכקייט, בעציהונג אדער קרובה′שאפט ווי א שוועסטער; זיין ווי א שוועסטער, זיין פּונקט עהנליך; בעהאנדלען ווי א שוועסטער; זיין א שוועסטער.

sis′terhood *n.* (סיס′-טער-הוד) שוועסטערשאפט; שוועסטער=פליכט; א שוועסטער=ארדען, אן ארדען פון מאנאשקעס.

sis′ter-in-law′ *n.* (סיס′-טער-אינ-לאה′) א שוועגערין.

sis′terless *a.* (סיס′-טער-לעס) אהן א שוועסטער.

sis′terly *a.* (סיס′-טער-לי) שוועסטערליך.

Sis′ter of Mer′cy (סיס′-טער אוו מויר′-סי) א בארמהערציגע שוועסטער [א מיטגליעד פון א געוויסען מאנאשקעס=ארדען, וואס גיט זיך הויפּטזעכליך אב מיט אויפּפּאסען קראנקע].

sis′trum *n.* (סיס′-טראם) א סיסטרום, אן איזיס=קלאפּער [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט אין אלטען עגיפּטען און אין אנדערע אריענטאלישע לענדער, וואס פלעגט בענוצט ווערען ביים ברייגנען קרבנות פאר דעם גאט איזיס. דער אינסטרומענט בעשטעהט פון אן אוואלען מעטאל=ראהם אין וועלכען עס זיינען פאר קווער אריינגעשטעלט עטליכע שטעקעלעך מיט רינגעלעך אויף זיי].

Sistrum

sit *v.* *and* *n.* (סיט) זיצען; זיך זעצען; בריהען, זיצען אויף אייער; רוהען; ליעגען; זיצען בלייבען; פערבלייבען; זיך אויפהאלטען, זיך בעפינדען, וואהנען; האבען א געוויסע ריכטונג אדער צושטאנד; קליידען; פּאסען [גוט אדער שלעכט]; האלטען א זיצונג; פערנעהמען א פּלאץ אלס בעאמטער אדער געוועהלטער; זיין א מיטגליעד אדער האבען א זיץ [אין פּארלאמענט, אין א בעראטונגס=פערזאמלונג א. ד. ג.]; איינפּלאצען אהן זיך אבצוברעכען [ווענען א שטיין=קויהלען מאסע אין א קויהלען=גרוב]; א פּלאצונג אדער א ברוך אין דעם דאך פון א קויהלען=גרוב.

sit apart′ (סיט ע-פּארט′) זיצען אן א זייט, זיצען בעזונדער.

sit at cham′bers (סיט עט טשיימ′-בערז) אבהאלטען געריכטס=זיצונגען.

sit at meat (סיט עט מיעט) עסען, זיצען ביים טיש צום עסען.

sit at the helm (סיט עט טהי העלם) זיצען ביים רודער, שטעהן אן דער שפּיצע.

sit down (סיט דאון) זיך אנידערזעצען; זיך בעזעצען, זיך עטאבלירען; אנפאנגען א בעלאגערונג [ווענען מיליטער]; זיך אברוהען.

site *n.* (סאיט) 1. א לאגע, אן ארט, א געגענד; 2. א פּלאץ אויף וואס עטוואס איז אוועקגעשטעלט אדער דארף אוועקגעשטעלט ווערען [ווי א הויז].

2. We bought a **site** for a home.

sit in (סיט אין) זיך האלטען פעסט אן עטוואס.

sit in judg′ment (סיט אין דזשאדזש′-מענט) משפּט′ען, אורטיילען, קריטיקירען.

sitiol′ogy *n.* (סיט-אי-אל′-א-דזשי) ז. *sitology*

sitol′ogy *n.* (סאי-טאל′-א-דזשי) די לעהרע וועגען נאהרונג, דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט נאהרונג אדער דיעטע.

sit on (סיט אן) 1. האלטען א זיצונג וועגען עפּעס; בעטראכטען עטוואס אויף אן אפיציעלער פערזאמלונג; 2. אונטערדריקען.

1. The commission will **sit on** the appeal of the petitioners. 2. The judge will soon **sit on** the lawyer's long-winded argument.

sit on anx′ious bench (סיט אן ענק′-שאס בענטש) זיצען ווי אויף שפּילקעס, שטעהן ווי אויף הייסע קויהלען.

Let us have a definite answer. Don't keep us **sitting on the anxious bench** all these weeks.

sit out (סיט אוט) אויסען בלייבען, ניט נעהמען קיין אנטייל.

sit′ter *n.* (סיט′-ער) א זיצער, א זיצענדע; איינער וואס פערנעהמט א זיץ; איינער אדער איינע וואס זיצט פאר א מאלער זיך אראבצונעהמען א בילד; א פויגעל וואס זיצט אויף אייער, א בריהענדער פויגעל.

sit′ter up (סיט′-ער אפּ) איינער וואס זיצט ביז שפּעט אין דער נאכט, איינער וואס וואכט דורך נאכט.

sit′ting *n.* *and* *a.* (סיט′-אינג) א זיצונג; דאס זיצען; דאס זיצען פאר א מאלער אראבצונעהמען א בילד פון זיך, אן אויפנאהמע פון א מאלער; די זיצונגס=צייט; א בעגרענצטער טייל פון צייט; א זיץ; א זיץ=ארט, א זיץ=פּלאץ; אן אויסבריהונג פון אייער; די צייט וואס א פויגעל בריהט אוים אייער; די צאהל אייער וואס א פויגעל בריהט אוים מיט איין מאל; זיצענד; אין באטאניק — וואס איז אהן א שטיעל אדער שטענגעל [ווענען פלאנצען].

sit′ting-room *n.* (סיט′-אינג-רוהם) א וואהן=צימער [אין געגענזאץ צו א שלאף=צימער]; א זאאל.

sit′uate *v.* *and* *a.* (סיטש′-יו-אייט) אוועקשטעלען אין א לאגע; אוועקשטעלען אין א ספּעציעלער לאגע אדער בעדינגונג; אוועקגעשטעלט אין א לאגע.

situa′tion *n.* (סיטש-יו-איי′-שאן) א סיטואציאן; א לאגע; א צושטאנד; אן אמט, א שטעלע.

sit un′der (סיט אנ′-דער) בייוואהנען א פּרעדיגט פון א גייסטליכען; זיין א מיטגליעד פון א קירך אדער פון א שול; אויסהערען א פּרעדיגט.

sit up (סיט אפּ) זיך אויפהויבען פון געלעגער און זיך אוועקזעצען; זיצען בלייבען; זיצען שפּעט אין דער נאכט; בלייבען וואך א גאנצע נאכט.

sit upon′ (סיט א-פּאן′) ז. *sit on*

sit'-upons' *n.* (סיט'-א-פאנז') הויזען.

si'tus *n.* (סאי'-טאס) א סיטואציאן, א לאגע; דער ריכטיגער ארט אדער פלאץ; דער ריכטיגער ארט פון אן ארגאן אדער פון א טייל פון אן ארגאן; אין יורים=פרודענץ — די ווירקליכע לאקאליטעט פון עפעס; דער פאקטישער ארט וואס איז אנערקענט פון געזעץ.

sitz'-bath *n.* (סיטס'-בעטה) א זיץ=וואנע.

Si'va *n.* (סי'-ווא) שיווא אדער סיווא, איינע פון די דריי הויפט=גאטהייטען אין אינדיען: ב ר א ה מ א — דער בעשעפער, ו ו י ש נ ו — דער אונטערהאלטער און ס י ו ו א — דער פערניכטער.

Sivais'tic *a.* (סי-ווע-איס'-טיק) וואס איז שייך צום רעליגיעזען קולט פון סיווא אדער שיווא. ז. *Siva*.

Siv'an *n.* (סיוו'-ען) דער אידישער חדש סון.

si'va-snake *n.* (סי'-ווא-סנייק) אזא גרויסע זעהר גיפטיגע שלאנג אין אינדיען.

siv'vens *n.* (סיוו'-ענז) ז. *sibbens*.

six *a. and n.* (סיקס) זעקס; א זעקס; די צאהל זעקס; א זעקסטעל, א קארט אדער ווירפעל מיט זעקס פונקטען.

six'ain *n.* (סיק'-סיין) א געדיכט פון זעקס פערזען.

six'er *n.* (סיק'-סער) עטוואס וואס בעשטעהט פון זעקס אדער איז פערבונדען מיט זעקס.

six'fold *a. and adv.* (סיקס'-פאולד) זעקס=פאך; זעקס=פאכיג; זעקס מאל אזוי פיעל.

six'-foot'er *n.* (סיקס'-פוט'-ער) א פערזאן וואס איז זעקס פוס הויך.

six'-hour *a.* (סיקס'-אור) פון זעקס שטונדען; וואס איז שייך צו א פיערטעל מעת=לעת.

six'pence *n.* (סיקס'-פענס) אן ענגלישע מטבע פון זעקס פענים אדער א האלבער שילינג [12 אמעריקאנער סענט].

six'penny *a.* (סיקס'-פע-ני) וואס איז ווערטה זעקס פענים אדער א האלבען שילינג [12 אמעריקאנער סענט]; ביליג, פון קליינעם ווערטה.

six score (סיקס סקאור) צוויי שאק, הונדערט און צוואנציג.

six'-shoo'ter *n.* (סיקס'-שוה'-טער) א זעקס=לויפיגער רעוואלווער [א רעוואלווער וועלכען מען קען אנלאדען מיט זעקס קוילען מיט אמאל].

six'teen' *a. and n.* (סיקס'-טיען') זעכצעהן; די צאהל 16.

six'teenth' *a. and n.* (סיקס'-טיענטה') וואס איז דער זעכצעהנטער; וואס איז א זעכצעהנטעל; א זעכצעהנטער טייל, א זעכצעהנטעל; א זעכצעהנטעל נאטע; דער זעכצעהנטער טאן אין א טאן=לייטונג.

sixth *a. and n.* (סיקסטה) וואס איז דער זעקסטער; וואס איז א זעקסטעל; א זעקסטער טייל, א זעקסטעל; דער זעקסטער טאן אין א טאן=לייטונג.

sixth'ly *adv.* (סיקסטה'-לי) זעקסטענס.

six'tieth *a. and n.* (סיקס'-טי-עטה) וואס איז דער זעכציגסטער; וואס איז א זעכציגסטער טייל; א זעכציגסטעל, א זעכציגסטער טייל.

six'ty *a. and n.* (סיקס'-טי) זעכציג; די צאהל 60.

six'tyfour'-mo *n.* (סיקס'-טי-פאור'-מאו) א בויגען פאפיער וואס איז געקנייטשט אין 64 בלעטער; א פאמפלעט אדער ביכעל וואס איז געמאכט פון א בויגען וועלכער איז געקנייטשט אין 64 בלעטער.

six'ty-six' *n.* (סיקס'-טי-סיקס') דאס קארטען=שפיעל "זעקס און זעכציג".

si'zable *a.* (סאי'-זעבל) צימליך גרויס, פון ניש'קשה'דיגער גרויס.

siz'al *n.* (סיז'-על) ז. *Sisal hemp*.

si'zar *n.* (סאי'-זאר) אן ארימער סטודענט אמאל אין די אוניווערזיטעטען פון קעמברידזש און דובלין וואס פלעגט אויפגעהאלטען ווערען פריי.

si'zarship *n.* (סאי'-זאר-שיפ) די לאגע אדער די רעכטע פון אן ארימען סטודענט אין קעמברידזשער און דובלינער אוניווערזיטעטען. ז. *sizar*.

size *n. and v.* (סאיז) גרויס, לענג, אומפאנג, מאס; פארם, פארמאט, געשטאלט; א פארציאן שפייז און געטרענקע; א בעשטימטער פרייז פאר אן עקסטרא פארציאן שפייז און געטרענקע אין קעמברידזשער און אנדערע אוניווערזיטעטען אין ענגלאנד פאר די סטודענטען; א געוויסער זארט קליי אדער קלייסטער וואס ווערט בענוצט אין פאפיער=פאבריקאציאן, אין מאלעריי און אין אנדערע קונסט=אינדוסטריען; פארמעט=קליי; קליי=וואסער; מילך=קאלך וואס מויערער בענוצען; אזא קלייאיגער דרוק=טינט פאר בוכשטאבען וואס ווערען בעשטרייט מיט גאלד אדער זילבער=פולווער; רעגולירען אדער בעשטימען די גרויס, לענג, אומפאנג, געוויכט אדער מאס פון עפעס; בעקומען אין קעמברידזשער אדער אין אנדערע אוניווערזיטעטען אן עקסטרא פארציאן שפייז און געטרענקע פאר א בעשטימטען פרייז; קויפען פאר א בעשטימטען פרייז; בעזארגען מיט פארציעס שפייז און געטרענקע; סארטירען סאלדאטען לויט זייער הויך; סארטירען נאך דער גרויס; אבשאצען אדער בעשטימען די גרויס, דעם אומפאנג אדער די מאס; דערהויבען צו דערזעלבער שטופע, פערגלייכען; פערגרעסערען; צורעכט מאכען א זאך, אז זי זאל האבען א בעשטימטע גרויס; בעשמירען מיט קליי אדער קלייסטער; קלייען, קלייסטערען.

si'zeable *a.* (סאי'-זעבל) ז. *sizable*.

sized *a.* (סאיזד) פון א געוויסער גרויס; בעדעקט מיט קליי אדער קלייסטער.

si'zer *n.* (סאי'-זער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די גרויס אדער דעם אומפאנג פון פערשיעדענע ארטיקלען אום זיי צו סארטירען.

size'-roll *n.* (סאיז'-ראול) א שטיקעל פארמעט וואס ווערט צוגעלעגט צו א פארמעט=ראלע אדער צו א דאקומענט; א ליסטע, אין דער ענגלישער ארמעע, וועלכע ענטהאלט די נעמען פון די סאלדאטען פון א מיליטער=אבטיילונג.

size'-stick *n.* (סאיז'-סטיק) א מאס=שטאק פון שוסטערס צו מעסטען די לענג פון פוס.

si'ziness *n.* (סאי'-זי-נעס) קלייאיגקייט, קלעפיגקייט.

si'zing *n.* (סאי'-זינג) די בעשטימונג פון גרויס אדער אומפאנג; א בעשטעלונג פאר אן עקסטרא פארציאן שפייז אדער געטרענקע פאר סטודענטען אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט; דאס סארטירען שטיקער ערץ [רויהער מעטאל] לויט דער גרויס פון די שטיקער; דאס קלייען אדער קלייסטערען; דאס קלעפען מיט קליי; קליי, קלייסטער.

si'zy *a.* (סאי'-זי) קלעפיג, קלייאיג.

sizz *v.* (סיז) שיפען, צישען.

siz'zle *v. and n.* (סיזל) שיפען, צישען; זיין זעהר הייס; א שיפענדער אדער צישענדער גערויש ווי ביים בראטען אדער זידען; א זעהר הויכע טעמפעראטור, א גרויסע היץ.

S-joint *n.* (עס'-דזשאינט) אן עס=פערבינדונג [א פערבינדונג פון צוויי פלאטען דורך א מעטאל=שטרייף וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון דעם בוכשטאב *S*].



S-joint

skain *n.* (סקיין) ז. *skein*.

skat *n.* (סקאט) אזא קארטען=שפיעל.

skate *n. and v.* (סקייט) א שליט=שוה [צום גליטשען זיך]; א ראל=שוה; דער סקאט אדער גלאט=ראכען [אזא פלאטשיגער פיש וואס איז ענליך צו א פלעדער=מויז. ז. *ray*]; זיך גליטשען מיט שליט=שוה.



Skate

ska'ter *n.* (סקיי'-טער) איינער וואס גליטשט זיך; אזא אינזעקט מיט לאנגע פיס וואס גליטשט זיך אויף'ן וואסער.

ska'ting *n.* (סקיי'-טינג) דאס גליטשען זיך מיט שליט=שוה.

skaw *n.* (סקאה) ז. *promontory*.

skean *n.* (סקיען) א קינזשאל; אזא אלטע פיקע פון בראנז מיט צוויי שארפען.

skear'y *a.* (סקיער'-אי) ז. *skeery*.

skedad'dle *v. and n.* (סקי-דעד'ל) האסטיג אנטלויפען ווי פון א געפאהר, אנטלויפען אין שרעק אדער אין פאניק; א האסטיגעס אנטלויפען ווי פון א געפאהר.

skee *n. and v.* (סקיע) א סקיע, א ליזשע, א שנעע=שוך [אזא לאנג שמאל ברעטעל וואס דער פאדערשטער ענד איז פערבויגען ארויף אזוי ווי א שליטעל און וואס ווערט בעפעסטיגט צום פוס צום לויפען אויף שנעע אדער אויף אייז]; לויפען אדער גליטשען זיך מיט סקיעס אדער ליזשעס.

skeel *n.* (סקיעל) א פלאכע מילך=כלי, אזא פלאכע הילצערנע כלי; א מילך=כלי, א מילך=שעפעל, א דאיניצע.

skee'-race *n.* (סקיע'-רייס) א וועט=לויף אויף סקיעס אדער ליזשעס. ז. *skee*.

skee'-run'ner *n.* (סקיע'-ראנ'-ער) א סקיע=לויפער, איינער וואס גליטשט זיך אויף סקיעס אדער ליזשעס. ז. *skee*.

skeer'y *a.* (סקיער'-אי) שרעקעדיג.

skee'sicks *n.* (סקיע'-זיקס) א געמיינער קערל, א שענדליכער יונג.

skeet *n.* (סקיעט) א שעפעל.

skee'ter *n.* (סקיע'-טער) א מיק, א קאמאר, א מאסקיטא.

skeg *n.* (סקעג) א הילצערנער טשוואק; דער הינטערשטער טייל פון קיעל פון א שיף; אזא מין ווילדע פלוים.

skeg'ger *n.* (סקעג'-ער) א לאקס וואס איז נאך ניט אלט קיין יאהר.

skegs *n.* (סקעגז) אזא זארט האבער.

skein *n.* (סקיין) א מאטאק, א שטראנג [פון פאדים]; א פליהענדע מחנה [פון ווילדע פויגעל, ווי ווילדע גענז, ווילדע קאטשקעס א. ד. ג.]; דאס אייזערנע קע=

פעל וואס ווערט ארויפגעזעצט אויף דעם ענד פון א הילצערנעם אקס פון א וואגען.

skel'etal *a.* (סקעל'-ע-טעל) פון א סקעלעט, וואס איז שייך צו א סקעלעט.

skeletog'eny *n.* (סקעל-ע-טאדזש'-ע-ני) די בילדונג פון א סקעלעט; די אבשטאמונג און די ענטוויקלונג פון א סקעלעט.

skeletog'raphy *n.* (סקעל-ע-טאג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון א סקעלעט.

skeletol'ogy *n.* (סקעל-ע-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען סקעלעטען.

skel'eton *n., a. and v.* (סקעל'-ע-טאן) א סקעלעט [די פעראייניגטע אדער צוזאמענגעשטעלטע ביינער פון א מענשען אדער טהיער]; א געשטעל אויף וואס עטוואס שטיצט זיך; א ראהמען־געשטעל פון א געביידע [ווי דאס שטאהל און אייזען־געשטעל פון היינטיגע מויערן אדער דאס געשטעל פון הילצערנע ראהמען־הייזער]; אן אויסערער ענטוואורף פון א שריפט־שטיק אדער ליטעראַרישער פערפאסונג; א רעגימענט סאלדאטען וואס איז שטארק פערקלענערט געווארען דורך א מלחמה אדער דורך א מגפה; א זעהר מאגערער מענש, א מענש הויט און ביינער; א זעהר דינע דרוק־שריפט; וואס איז שייך צו א סקעלעט; ווי א סקעלעט; וואס איז הויט און ביינער, מאגער; מאכען פאר א סקעלעט.

skel'eton at the feast (סקעל'-ע-טאן עט טהי פיעסט) א טרויריגע ערינערונג אדער פערדרוס אין מיטען פון א שמחה [די עגיפּטער פלעגען אויף זייערע שמחות האלטען א סקעלעט אלס אן ערינערונג פון טויט].

skel'eton bill (סקעל'-ע-טאן ביל) אן אונטערגעשריבענער אבער ניט אויסגעפילטער וועקסעל [וואו די געלד־סומע קען אריינגעשריבען ווערען צו יעדער צייט].

skel'eton in the clos'et (סקעל'-ע-טאן אין טהי קלאז'-עט) א געהיימע פאמיליען־צרה, א שלעכטע אדער טרויריגע פאמיליען־געהיימנים.

skel'etonize *v.* (סקעל'-ע-טאנ-איז) מאכען פאר א סקעלעט; איבערלאזען בלויז דעם סקעלעט אדער דעם ראהמען־געשטעל פון עפּעס; אין מיליטער — פערקלענערען די צאהל פון א רעגימענט אדער ארמעע.

skel'etonizer *n.* (סקעל'-ע-טאנ-אי-זער) אן אינזעקט וואס פרעסט אויס פלאנצענבלעטער און לאזט איבער בלויז די אדערלעך פון זיי.

skel'eton key (סקעל'-ע-טאן קיע) אזא שליסעל מיט וועלכען מען קען עפענען פערשיעדענע שלעסער.

skel'etonless *a.* (סקעל'-ע-טאנ-לעס) אהן א סקעלעט; וואס האט ניט קיין סקעלעט.

skel'eton suit (סקעל'-ע-טאן סיוט) א קינדער־אנצוג וואס די הויזלעך זיינען צוגעקנעפּעלט אדער צוגענעהט צום זשאקעטעל.

skel'etonwise *adv.* (סקעל'-ע-טאנ-הוואיז) אויף דעם אופן פון א סקעלעט, פון א ראהם־געשטעל אדער פון אן ענטוואורף פון עפּעס.

skep *n.* (סקעפּ) א קארב, א קאשיק; א הילצערנע כלי צו האלטען קערנער; די מאס וואס א קארב נעהמט אריין; א קארבוואגען; א ביענען־קארב [א געפלאכטענער ביענשטאק].

skep'sis *n.* (סקעפּ'-סיס) די סקעפּטישע פילאזאפיע; דער פילאזאפישער צווייפעל.

Skep'tic *n.* (סקעפּ'-טיק) א סקעפּטיקער, אן אנהענגער פון דער אלט־גריכישער סקעפּטישער פילאזאפיע פון וועלכער דער פילאזאף פירהא איז געווען פון די הויפּט־פערטרעטער [דער גרונד־געדאנק פון דיעזער פילאזאפיע איז, דאס וועגען יעדער זאך זיינען פאראן ארגומענטען אי דאפיר אי דאגעגען און דעריבער קען מען זיך אויף'ן שכל און אויף די חושים ניט פערלאזען].

skep'tic *a. and n.* (סקעפּ'-טיק) סקעפּטיש, צווייפלענד; וואס איז א סקעפּטיקער; וואס צווייפעלט אין די הויפּט־פּרינציפּען פון רעליגיאן [בעזאנדערס פון דער קריסטליכער]; א סקעפּטיקער, א צווייפלער; איינער וואס בעהויפּטעט, אז די ווירקליכע ווארהייט פון זאכען קען מען ניט וויסען און דעריבער זיינען אלע טהעאריען קיינע זיכערע ווארהייטען; איינער וואס צווייפעלט אדער גלויבט ניט אין די הויפּט־פּרינציפּען פון רעליגיאן.

skep'tical *a.* (סקעפּ'-טי-קעל) סקעפּטיש, צווייפלענד; וואס איז שייך צו דער סקעפּטישער פילאזאפיע אדער צו איהרע מעטאדען [די בעהויפּטונג, אז קיין ווירקליכע ווארהייט עקזיסטירט ניט און אז יעדע טעאריע און וויסענשאפט איז צווייפעלהאפט]; וואס צווייפעלט, וואס גלויבט ניט; וואס צווייפעלט אדער גלויבט ניט אין די גרונד־פּרינציפּען פון רעליגיאן.

skep'tically *adv.* (סקעפּ'-טי-קעל-אי) אויף א סקעפּטישען אופן; מיט צווייפעל.

skep'tical school (סקעפּ'-טי-קעל סקוהל) די סקעפּטישע שול אדער ריכטונג אין דער פילאזאפיע. ז. ***Skeptic***

skep'ticism *n.* (סקעפּ'-טי-סיזם) סקעפּטיציזם, צווייפעל; דער צווייפעל אין דער עקזיסטענץ פון ווארהייטען און אין דער מעגליכקייט פון זיכערע וויסענשאפטען; דאס צווייפלען אדער ניט גלויבען אין די פונדאמענטאלע פּרינציפּען פון רעליגיאן.

skep'ticize *v.* (סקעפּ'-טי-סאיז) זיין א סקעפּטיקער, זיין א צווייפלער.

sketch *n. and v.* (סקעטש) א סקיצע, א קורצע ליטעראַרישע שילדערונג פון א פּאסירונג אדער כאראקטער; א קורצעס און אויבערפלעכליכעס טעאטער־שטיק; אן ענטוואורף, א סכעמא; אן אויבערפלעכליכער ענטוואורף פון א צייכנונג אדער פון א בילד; א קורצע איינפאכע מוזיקאלישע קאמפּאזיציאן; א פערצייכנונג פון סחורות וואס ווערט פאנאנדערגעשיקט פון א האנדעלס־פירמא; סקיצירען, פליכטיג אדער אויבערפלעכליך צייכנען; מאכען אן ענטוואורף, צייכנען די הויפּט־ליניען; מאכען א סקיצע.

sketchabil'ity *n.* (סקעטש-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען סקיצירט ווערען.

sketch'able *a.* (סקעטש'-עבל) וואס קען סקיצירט ווערען.

sketch'-block *n.* (סקעטש'-בלאק) א סקיציר־בלאק [א בלאק צייכען־פּאפּיער צום סקיצירען].

sketch'-book *n.* (סקעטש'-בוק) א סקיציר־בוך, א סקיציר־העפט [צום צייכנען סקיצען]; א סקיצען־בוך [א ליטעראטור־בוך פון סקיצען]; א בוך אדער העפט פון א מוזיקער וואו ער פערצייכענט מוזיקאלישע אידעען.

sketch'er *n.* (סקעטש'-ער) א סקיצען־צייכנער, א סקיצען־מאלער; א סקיצען־שרייבער.

sketch'ily *adv.* (סקעטש'-אי-לי) אויף דעם אופן פון א סקיצע, אויבערפלעכליך, פליכטיג.

sketch'iness *n.* (סקעטש'-אי-נעס) סקיצענהאפטיגקייט, דאס זיין אין דער פארם פון א סקיצע [לייכט און אויבערפלעכליך].

sketch'ing-block *n.* (סקעטש'-אינג-בלאק) ז. ***sketch-block***

sketch'-pa'per *n.* (סקעטש'-פּיי'-פּער) סקיציר־פּאפּיער [פּאפּיער ליניערט אין קעסטעלעך וואס ווערט געברויכט פון צייכנער צום סקיצירען].

sketch'-plan *n.* (סקעטש'-פּלען) א קורצער ענטוואורף פון א פּלאן פון א געביידע.

sketch'y *a.* (סקעטש'-אי) סקיצענהאפט, ווי א סקיצע; אויבערפלעכליך, אהן איינצעלהייטען, ניט פערענדיגט.

skew *n., a. and v.* (סקיו) א צודרעהעניש, א פעהלער, א גרייז; א קרומער אדער שיעפער קוק; אזא טרייב־ראד מיט שיעפע צייהנער; א געפלעקטעס פערד, א געפלעקטע חיה; דער שיעפער אדער שרעגער שפּיץ פון א שטיץ־זייל, וואו ער קומט זיך צונויף מיט'ן דאך פון דער געביידע; קרום, שיעף; פערדרעהט, צוקרוטשעט; קוקען שיעף אדער קרום; געהן שיעף אדער קרום; דרעהען צו דער זייט, געבען א קרומע אדער שיעפע ריכטונג; פערדרעהען.

skew'-bald *a.* (סקיו'-באהלד) אונרעגעלמעסיג געפלעקט [וועגען פערד].

skew bridge (סקיו ברידזש) א שיעפער בריק.


Skew-corbel

skew'-cor'bel *n.* (סקיו'-קאהר'-בעל) א שטיץ־שטיין וואס ווערט געלעגט אונטער דעם באזיס פון א משופּע'דיגען דאך.

skewed *a.* (סקיוד) געדרעהט אן א זייט; צודרעהט, צוקרוטשעט.

skew'er *n. and v.* (סקיו'-ער) א פלייש־שפּיזעל, א קליינער הילצערנער אדער אייזערנער שפּיז מיט וועלכען מען האלט צו אדער מען בעפעסטיגט פלייש אויף'ן בראט־שפּיז ביים בראטען; בעפעסטיגען מיט פלייש־שפּיזלען; דורכשטעכען ווי מיט פלייש־שפּיזלען.

Skew Gearing

skew gear'ing (סקיו גיער'-אינג) א טריעבווערק וואו די רעדער האבען שיעפע צייהנער.

skew'ing *n.* (סקיו'-אינג) אין דרוקעריי — א שלעכטע איינשליסונג פון שריפט־זאץ אין דרוק־ראהם וואו די שורות ווערען צובויגען אדער צודרעהט; דאס אראבנעהמען ביים גילדען איבריגע שטיקער בלאט־גאלד און אויספילען די ערטער וואו עס זיינען געבליבען ניט־בעגילטע פלעקען.

skew wheel (סקיו הוויעל) א צאהן־ראד מיט שיעפע צייהנער.

ski'agraph *n. and v.* (סקאי'-ע-גרעף) א שאטען־בילד פון אן איינגעשלאסענער זאך [ווי פון די ביינער וואס זיינען איינגעשלאסען אין קערפּער] אראבגענומען דורך רענטגען־שטראהלען; אראבנעהמען א שאטען־בילד דורך רענטגען־שטראהלען.

ski'ascope *n.* (סקאַי'-ע-סקאָופּ) אַן אינסטרומענט דורך וועלכען מען קען זעהן דעם אָבשיין אָדער דעם שאָטען פון אַ זאַך וואָס געפינט זיך איינגעשלאָסען אין אַן אונדורכזיכטבאַרען קערפּער [ווי למשל, זעהן די ביינער פון קערפּער דורך רענטגען־שטראַהלען].

skid *n. and v.* (סקיד) איינער פון דעם פּאָר קלעצלעך וואָס ווערט אונטערגעלעגט אונטער אַ פאַס, אַז ער זאָל זיך ניט אַוועקקייקלען אָדער אונטער אַ שיפעל וואָס געפינט זיך אויף׳ן ברעג; אַ שפּאַרע, אַן אונטערשפּאַרע; איינער פון די קלעצער וואָס ווערט אַוועקגעלעגט אויף דער ערד צו קייקלען אָדער שלעפּען איבער זיי שווערע משא; אַ קלאָץ אָדער ברעט וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט משופּע׳דיג ביי אַ שיף אָדער וואָגען אויסצולאָדען משא; איינער פון די קלעצער וואָס איז אויסגעלעגט אויף דעם שטיין־געשטעל אויף וועלכען מען בויט אַ שיף; אַ ראַהם פון ברעטער אָדער פּלאַנקעס וואָס ווערט אַרויפגעשטעלט אויף די זייטען פון אַ שיף ביים אַנלאָדען אָדער אויסלאָדען משא כדי די שיף זאָל ניט בעשעדיגט ווערען; אַ ברעמזע אָדער טאָרמאָז פון אַ הויב־מאַשין; אַזאַ האָלץ־קלעצעל וואָס ווערט אַראָבגעלאָזען אויף די רעדער פון אַ וואָגען זיי איינצוהאַלטען ביים פאָהרען באַרג־אַראָב; אַזאַ אייזען אָבצושיילען די קאָרע פון בוימער; שלעפּען אָדער קייקלען משא אויף אונטערגעלעגטע קלעצלעך אָדער רונדע באַלקענס; אונטערשפּאַרען קלעצלעך אָדער באַלקענס; איינהאַלטען אָדער איינקלעמען מיט אַ טאָרמאָז אָדער ברעמזע [ווי די רעדער פון אַ וואָגען, ווען ער געהט באַרג־אַראָב]; גליטשען זיך אָהן צו ראָלען [ווי די רעדער פון אַ וואָגען, פון אַן אויטאָמאָביל א. ז. וו.].

skid'ding-chain *n.* (סקיד'-אינג-טשיין) אַזאַ שווערע קייט צו שלעפּען קלעצער; אַ קייט איבער די גומענע שינען פון אַן אויטאָמאָביל.

skid'-pan *n.* (סקיד'-פּען) אַזאַ האָלץ־קלעצעל וואָס ווערט אַראָבגעלאָזען אויף די רעדער פון אַ וואָגען זיי איינצוהאַלטען ביים פאָהרען באַרג־אַראָב.

skier *n.* (סקיער) אַ פעלזיגער אינזעל.

skif *n.* (סקיף) ז. ***skiff***.

skiff *n.* (סקיף) אַ קליין רודער־שיפעל.

skiff'ling *n.* (סקיפ'-לינג) דאָס אַרומהאַקען די שפּיצען פון אַ בוי־שטיין.

skil'ful *a.* (סקיל'-פול) ערפאַהרען, געשיקט, געאיבט.

A skilful surgeon performed the operation.

skil'fully *adv.* (סקיל'-פול-אי) מיט געשיקטקייט; מיט געאיבטקייט.

skil'fulness *n.* (סקיל'-פול-נעס) ערפאַהרענהייט, געשיקטקייט, געאיבטקייט.

skill *n.* (סקיל) געשיקליכקייט; קענטנים; קונסט; טאַלענט; ערפאַהרונג, איבונג, געאיבטקייט.

skilled *a.* (סקילד) ערפאַהרען, געשיקט, געאיבט.

skil'less *a.* (סקיל'-לעס) אָהן ערפאַהרונג, אָהן איבונג; אונוויסענד.

skil'let *n.* (סקיל'-עט) אַ קליינער קעסעל אָדער קאָך־טאָפּ אויף דריי פיסלעך; אַ קליין בראָט־פענדעל; אַ פלאַכער קליינער טיגעל צו שמעלצען גאָלד אָדער זילבער; אַ שיפס־קוכער; אַ גלעקעל אָדער קלאַפּע וואָס ווערט בענוצט פון אַ העראָלד אָדער עפענטליכען אויסרופער, כדי צונויפצורופען דעם עולם.

skilts *n.* (סקילטס) אַזאַ מין דיקע קורצע און ברייטע הויזען וואָס מען פלעגט אַמאָל טראָגען אין ניי־ענגלאַנד [אַמעריקאַ].

skim *v. and n.* (סקים) אָבשוימען אָדער אָבשעפּען פון אויבען; אַראָבשעפּען די פעטס פון אויבען; אָבשמאַנטען, אַראָבנעהמען די סמעטענע; אַראָבנעהמען, אַוועקנעהמען; פריי מאַכען, אָבריינינגען, אַוועקנעהמען די הינדערניסע; לייכט אַריבערגעהן, קוים בעריהרען; אַריבערגליטשען אָדער לאָזען אַריבערשוועבען; זיך אַריבערגליטשען, אַריבערשוועבען; פליכטיג אָדער אויבערפלעכליך דורכקוקען; דורכלויפען מיט׳ן אויג; בעדעקען מיט אַ דינ׳ן הייטעל אָדער פלעווקע; דאָס אַראָבנעהמען פון אויבען, דאָס אָבשמאַנטען, דאָס אָבשוימען; שוים.

skim'ble-scam'ble *a., adv. and n.* (סקימ'בל-סקעמ'בל) צופּלאָנטערט, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, ניט צו דער זאַך; אויף אַ צופּלאָנטערטען אופן; פּלוידעריי, פּוסטע דבורים.

skim'-col'ter *n.* (סקימ'-קאָול'-טער) אַ הובעל־פלוג [אַזאַ אַקער־אייזען מיט וועלכען מען מאַכט גלאַט די אויבערפלעכע פון דער ערד].

skim'mer *n.* (סקימ'-ער) אַ שוים־לעפעל; אַן אָבשוימער; אַזאַ אייזען מיט וועלכען מען פערהאַלט די שלאַקען [פּסלת] פון מעטאַל, אַז זיי זאָלען זיך ניט אַריינגיסען אין פורעם; איינער וואָס קוקט שנעל און אויבערפלעכליך עטוואָס דורך; אַן אויבערפלעכליכער אָדער פליכטיגער לעזער; דער שערען־שנאָבעל אָדער דער וואַסער־שניידער [אַזאַ פויגעל וואָס איז עהנליך צו דער ים־שוואַלב און לעבט ביים וואַסער].

skim'-milk' *n.* (סקימ'-מילק') אָבגעשמאַנטע מילך; אַ זאַך וואָס האָט פערלאָרען איהר תוכן אָדער קראַפט; מינדערוויכטיגקייט.

skim'ming *n.* (סקימ'-אינג) דאָס אָבשמאַנטען; דאָס אָבשוימען; דאָס אָבגעשוימטע, דער שוים.

skim'ming-dish *n.* (סקימ'-אינג-דיש) אַזאַ פלאַכע יאַכט־שיף וואָס ווערט בענוצט אויף די ים־ברעגען אין פלאָרידאַ [אַמעריקאַ].

skim'ming-la'dle *n.* (סקימ'-אינג-ליי'דל) אַזאַ אייזערנער לעפעל וואָס ווערט בענוצט אַראָבצונעהמען די פּסלת פון געשמאָלצענעם מעטאַל איידער מען גיסט עס אַריין אין פורעם.

skim'mingly *adv.* (סקימ'-אינג-לי) אַריבערשוועבענדיג, אַריבערלויפענדיג, דורכלויפענדיג, קוים בעריהרענדיג.

skim'mington *n.* (סקימ'-אינג-טאָן) אַ קאָמישע פּראָצעסיאָן וואָס פלעגט אַמאָל פאַרגעשטעלט ווערען אין ענגלאַנד אָבצולאַכען פון אַ מאַן וואָס ליעגט אונטער זיין ווייב׳ס פאַנטאָפעל. מען פלעגט פאָרשטעלען ווי אַ פרוי אַן ארורה רייט אויף אַ פערד און שלאָגט מיט אַ קאָך־לעפעל איהר מאַן, דעם פאַנטאָפעל־העלד, וואָס זיצט הינטער איהר מיט׳ן פנים צום עק פון פערד; אַ לוסטיגער ספּעקטאַקל, אַ צוזאַמענגעלאָף, אַ טומעל, אַ מחלקה.

skimp *v. and a.* (סקימפּ) אָבקאַרגען, קאַרגען; געבען אַ קנאַפּען אָדער קאַרגען חלק; קאַרגען אין דער אַרבייט, טהאָן אַן אַרבייט אויבערפלעכליך, פאַרטאַטשעווען; שפּאָרען; זיין שפּאָרעוודיג, זיין עקאָנאָמיש; קאַרג, קנאַפּ.

skim'ping *a.* (סקימ'-פּינג) שפּאָרענדיג; קאַרגענדיג; קאַרג, קנאַפּ; נאַכלעסיג, פאַרטאַטשקע.

skim'pingly *adv.* (סקימ'-פּינג-לי) אויף אַ קאַרגען אָדער שפּאָרעוודיגען אופן; קנאַפּ.

skim'py *a.* (סקימ'-פּי) קאַרג, קנאַפּ.

skin *n. and v.* (סקין) די הויט; דאָס פעל; שאָלעכץ; קאָרע; עטוואָס וואָס איז עהנליך צו הויט; אַ לאָגעל, אַ וואַסער־כלי וואָס איז געמאַכט פון אַ פעלכעל; אַ וויין־לאָגעל; אַ געמיינער קאַרגער מענש; אַ הייסער פּונש פון בראַנפען געמאַכט אין אַ בראַנפען־גלאָז; בעצויגען ווערען מיט אַ הויט, בעוואַקסען ווערען מיט אַ נייער הויט; בעדעקען אָדער בעציהען ווי מיט אַ הויט; אַראָבציהען די הויט; אָבשינדען; אָבשיילען; בערויבען, בעפלינדערען, בעשווינדלען, אָבנאַרען; קאָפּירען אָדער איבערשרייבען שול־אויפגאַבען פון אַן אַנדער שילער אַנשטאָט זיי אַליין אויסצולערנען; נעלם ווערען, מאַכען פּליטה.

skin a flint (סקין ע פלינט) זיין אויסערגעוועהנליך קאַרג, זיך "אָבשניידען די פינגער".

skinch *v.* (סקינטש) קאַרגען; זיין קאַרג.

skin'-coat *n.* (סקינ'-קאָוט) די הויט, דאָס פעל.

skin'-deep' *a. and adv.* (סקינ'-דיעפּ') אויבערפלעכליך; אויף אַן אויבערפלעכליכען אופן.

His friendship for me is only skin-deep.

skin'flint *n.* (סקינ'-פלינט) אַ קמצן, אַ קאַרגער יונג.

skin'ful *n.* (סקינ'-פול) דער אינהאַלט פון אַ לאָגעל [אַ כלי פאַר וואַסער אָדער וויין געמאַכט פון אַ פעלכעל]; אַזוי פיעל וויפיעל איינער קען אין זיך אַריינגעהמען [בעזאָנדערס וועגען שטאַרקע געטרענקע].

skin'-game *n.* (סקינ'-גיים) אַ שפּיעל וואו איינער בעשווינדעלט דעם צווייטען [ווי אַ שפּיעל מיט געצייכענטע קאָרטען].

skin'-graft *n.* (סקינ'-גרעפט) אַ שטיקעל הויט וואָס ווערט אָבגעשניטען פון אַ לעבעדיגען מענשען כדי צו בעציהען דערמיט אַ וואונד פון אַן אַנדערען.

skin'-graf'ting *n.* (סקינ'-גרעפ'-טינג) אַן אָפּעראַציאָן ביי וועלכער עס ווערט אויסגעשניטען אַ שטיק הויט פון אַ לעבעדיגער פּערזאָן אום צו בעציהען דערמיט אַ וואונד פון אַן אַנדער פּערזאָן.

skink *v. and n.* (סקינק) אַנגיסען [שנאַפּס] צום טרינקען, איינשענקען; "אַריינגיסען", טרינקען שנאַפּס; אַ סקינק [אַזאַ מין שלאַנגען־עקדיש, אַן עקדיש מיט שוואַך־ענטוויקעלטע פיס. ז. ***lizard***].

skin'less *a.* (סקינ'-לעס) אָהן אַ הויט, אָהן אַ שאָלעכץ; וואָס האָט אַ זעהר דינ׳ן הייטעל.

skin'-mer'chant *n.* (סקינ'-מויר'-טשענט) אַ פעל־הענדלער; אַ בעאַמטער וואָס נעהמט אויף רעקרוטען.

skinned *a.* (סקינד) מיט אַ הויט, הויטיג.

skin'ner *n.* (סקינ'-ער) אַ פעל־הענדלער, אַ פעלץ־הענדלער; אַ קירזשנער; אַ שינדער, אַן אָבשינדער; אַ "הויט־שינדער", אַ פלינדערער, אַ בערויבער.

Skin'ner *n.* (סקינ'-ער) אַ מיטגליעד פון אַ געוויסער מחנה פרייהייטס־קעמפּפער אין דעם צייט פון דער רעוואָלוציאָנס־קריעג אין אַמעריקאַ, וואָס זיינען בעגאַנגען גרויסע גוואַלטטהאַטען געגען די בירגער וועלכע זיינען געוועזען טריי צו דער ענגלישער הערשאַפט.

skin'niness *n.* (סקינ'-אי-נעס) מאָגערקייט; הויטיגקייט.

skin'ny *a.* (סקינ'־אי) מאגער; הויטיג; קארג; געמיין.

skin out (סקין אוט) נעלם ווערען, מא־כען פליטה.

skin the lamb (סקין טהי לעם) געווי־נען אלע וועטען.

skin'-tight *a.* (סקינ'־טאיט) פעסט צום לייב.

skin'-wool *n.* (סקינ'־הוואול) וואל וואס ווערט אבגעשארען פון דעם פעל פון טוי־טע חיות.

skip *v. and n.* (סקיפ) שפרינגען; היפען; אריבערשפרינגען; איבערהיפען, אויסלא־זען; איבערהיפען א טאן אין זינגען אדער שפיעלען; מאכען פליטה; ווארפען א פלאטשיג שטיינדעל אזוי, אז עס זאל שפרינגען איבער דער אויבערפלעכע פון וואסער [מאכען קאטשקעס]; א שפרונג; אן איבערהיפונג [בעזאנדערס ווענען א טאן אין דער מוזיק]; אן אוניווערזיטעטס־דיענער; אן אייזערנער קאסטען ארויפצו־הייבען מעטאל־ערץ פון א מינע; די מאס סירופ וואס ווערט אויסגעקאכט מיט איין מאל אין קעסעל ביים מאכען צוקער.

Skip'etar *n.* (סקיפ'־ע־טאר) אן אלבא־נעזער, אן אייוואהנער פון אלבאניען; די שפראך פון די אלבאנעזער.

skip'per *n. and v.* (סקיפ'־ער) א שפרינגער; א טענצער; א שקיפער אדער שיפסמייסטער פון א שיף; דער שפרינ־גענדער שמעטערלינג; דער קעז־שפרינ־גער [אזא פליעג וואס געפינט זיך אין קעז]; א שפרינגענדע וואסער־פליעג; דער שנאבעל־פיש [אזא העכט־עהנליכער פיש מיט א שנאבעל־עהנליכען מויל]; א שייער, אן אבדאך, א פערלאזענעם הויז אדער חורבה וואו מען קען זיך שיצען אין א נויט; האלטען קווארטיר אדער שלאפען אין א שייער אדער חורבה.

skip'per-bird *n.* (סקיפ'־ער־בוירד) איינער וואס שלאפט אין שייערען אדער חורבות, א בראדיאגע, אן ארומטרייבער.

skip'pership *n.* (סקיפ'־ער־שיפ) דאס אמט פון א שקיפער אדער שיפסמייסטער.

skip'pet *n.* (סקיפ'־עט) אזא רונד קעס־טעל צו האלטען א זיגעל אדער שטעמ־פעל.

skip'ping *a.* (סקיפ'־אינג) שפרינגענד; היפענד; לייכט־פיסיג; אונבעשטענדיג, לייכטזיניג.

skip'pingly *adv.* (סקיפ'־אינג־לי) שפרינגענדיג; היפענדיג; מיט שפרונגען.

skip'ping-rope *n.* (סקיפ'־אינג־ראופ) א שפרינג־שטריק [א שטריק מיט צווי הילצערנע הענטלעך ביי די ענדען וואס קינדער בענוצען זיך צום שפיעלען אין שפרינגען].

skip'-rope *n.* (סקיפ'־ראופ) ז. ***skipping-rope***.

skir'mish *n. and v.* (סקויר'־מיש) א ניט רעגולערער קליינער געפעכט, א צו־זאמענשטויס צווישען קליינע נעגנערישע מיליטער־אבטיילונגען; א געשלעג; פעכ־טען אין קליינע אבטיילונגען, שלאגען זיך אין קליינע ארמעע־אבטיילונגען פארלאנג דער געפעכט־ליניע; זיך ארומשלאגען; זיך פערטיידיגען.

skir'misher *n.* (סקויר'־מיש־ער) איי־נער וואס האט א צוזאמענשטויס אדער געשלעג; א סאלדאט פון א קליינער מי־ליטער־אבטיילונג וואס האט די אויפגא־בע זיך ארייצולאזען אין ניט רעגולערע קליינע געפעכטען מיט דעם שונא.

skir'mishing *n.* (סקויר'־מיש־אינג) א ניט רעגולערער קליינער געפעכט, א צו־זאמענשטויס צווישען קליינע נעגנערישע מיליטער־אבטיילונגען; א געשלעג.

skir'mish-line *n.* (סקויר'־מיש־לאין) די ליניע אויף'ן שלאכט־פעלד, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט קליינע סאלדאטען־אבטיילונגען, וועלכע דארפען אריינגעהן אין ניט רעגולערע קליינע געפעכטען מיט'ן שונא, כדי אויסצופארשען זיינע קרעפטען און אבציהען זיין אויפמערקזאמקייט פון די בעוועגונגען פון דער הויפט־ארמעע און פערהיטען פון א פלעצליכען אנגריף אויף איהר.

Skiropho'ria *n.* (סקיר־א־פאו'־רי־א) ביי די פארצייטיגע גריכען — די סקירא־פאריען [א זומערדיגער יום־טוב לכבוד דער געטין אטהענע].

Skiropho'rion *n.* (סקיר־א־פאו'־רי־אן) אין אלט־גריכענלאנד — סקיראפאריאן [דער לעצטער מאנאט פון יאהר].

skir'ret *n.* (סקיר'־עט) צוקער־ווארצעל [אזא פלאנצע וואס האט דיקע זיסליכע ווארצלען, עהנליך אין געשמאק צו פאס־טערנאק].

skirt *n. and v.* (סקוירט) א קליידעל, א יובקע; אן אונטער־ראק, אן אונטער־קלייד, א ספאדניצע; דאס קליידעל פון א טאליע־ראק [דער טייל פון ראק וואס פאנגט זיך אן פון דער טאליע]; א פאלע פון א בגד; דאס צווערך־פעל פון א בהמה [ז. *diaphragm*]; א בארט, א זוים, א ראנד; א ברעג, א גרענעץ; בעוועגען לענגאס דעם ראנד אדער ברעג; בילדען דעם ראנד אדער ברעג פון עפעס; זיין אדער לעבען ביי דער גרענעץ אדער ביים ברעג; מאכען אן אומוועג ארום פלעצער וואס זיינען אבגעצאמט מיט פלאנקענס אנשטאט זיי דורכצוברעכען אדער זיי ארי־בערשפרינגען [ווענען א יעגער אדער א יאגד־הונד]; געהן אדער זיך בעוועגען ארום א ברעג.

skir'ted *a.* (סקויר'־טעד) מיט א זוים, ראנד אדער בארט.

skir'ting *n.* (סקויר'־טינג) אזא שטאר־קער שטאף וואס ווערט ספעציעל געוועבט פאר פרויען אונטער־קליידער [ספאדני־צעס].

skir'ting-board *n.* (סקויר'־טינג־באורד) א וואנד־לייסט [א שמאלע לייסט מיט וועלכער עס ווערט ארומגעשלאגען דער ברעג פון וואנד ביי דעם דיל (פאד־לאגע)].

skirt'less *a.* (סקוירט'־לעס) אהן א קליידעל.

skit *v. and n.* (סקיט) אבשפרינגען אן דער זייט; זיך אבטראגען; פלוצים נעלם ווערען; א שטעך־ווערטעל, א סאטירישער אדער סארקאסטישער אנגריף; שפאס, חוזק; א סאטירישער אדער סארקאסטי־שער פאמפלעט; אן אויסגעלאסענע פרוי, א הור.

skite *n. and v.* (סקאיט) א פלעצליכער העפטיגער גוס ווי פון רעגען; א העפטי־גער קלאפ אדער שטויס; א שפיצעל, א שטוקע; ארומלויפען; גליטשען.

skit'ter *v.* (סקיט'־ער) אריבערשוועבען, אריבערגעהן קוים אנריהרענדיג; פער־ווארפען א ווענטקע אין וואסער צו כא־פען פיש.

skit'tish *a.* (סקיט'־איש) וואס איז צו־ריקגעהאלטען; שרעקעדיג, וואס שרעקט זיך; וואס מיידט אויס פריינדשאפט אדער בעקאנטשאפט; לייכטזיניג; אונבעשטענ־דיג; קאפריזנע; בעטריגעריש.

skit'tishly *adv.* (סקיט'־איש־לי) אויף א שרעקעדיגען אופן; שרעקעדיג; צוריק־געהאלטען אויס מורא; מיט לייכטזיניג־קייט, מיט אונבעשטענדיגקייט; קאפריזנע.

skit'tishness *n.* (סקיט'־איש־נעס) שרעקעדיגקייט; צוריקגעהאלטענקייט אויס מורא; לייכטזיניגקייט; אונבעשטענדיג־קייט; קאפריזנעקייט; בעטרוג, שווינדעל.

skit'tle *n.* (סקיטל) א קעגעל [איינער פון די ניין קעגעל־פערמיגע פלעקלעך אין קעגעל־שפיעל].

skit'tle-al'ley *n.* (סקיט'ל־על'־אי) א לאנגער קארידאר אדער הויף צום שפיע־לען קעגעל.

skit'tle-ball *n.* (סקיט'ל־באהל) אזא הילצערנער באל וואס ווערט בענוצט ביי קעגעל־שפיעל.

skit'tle-ground *n.* (סקיט'ל־גראונד) ז. ***skittle-alley***.

skit'tle-pin *n.* (סקיט'ל־פין) ז. ***skittle***.

skit'tles *n.* (סקיטלז) קעגעל־שפיעל [אזא שפיעל מיט 9 אויסגעשטעלטע קעגעל־פער־מיגע פלעקלעך וועלכע דארפען אומ־געווארפען ווערען דורך א באל].

skive *v.* (סקאיוו) אין לעדער־פאבריקא־ציאן — פיילסען, אבשלייפען אדער אב־קראצען דעם ראנד, אבשקראבען דאס איב־ריגע מאטעריאל.

ski'ver *n. and v.* (סקאי'־ווער) שפאלט־לעדער [א זארט ביליגע דינע לעדער וואס ווערט געמאכט פון געשפאלטענעם שעפ־סען־פעל]; א מעסער וואס ווערט בענוצט צו שפאלטען לעדער; זיך צושטרייען, פא־נאנדערפליהען אין אלע זייטען.

ski'ving *n.* (סקאי'־ווינג) אבפאל פון לע־דער וואס עס ווערט אויסגעקראצט אדער אויסגעשליפען פון דער פלייש־זייט כדי עס צו מאכען דינער; דאס פיילסען, דאס אויסקראצען אדער אויסשלייפען לעדער פון דער פלייש־זייט כדי עס צו מאכען דינער.

ski'ving-knife *n.* (סקאי'־ווינג־נאיף) א מעסער וואס ווערט בענוצט צום שפאל־טען לעדער.

ski'ving-machine' *n.* (סקאי'־ווינג־מע־שין') א מאשין צום שפאלטען אדער אבצושלייפען לעדער.

sko'lion *n.* (סקאו'־לי־אן) אין אלט־גריכענלאנד — סקאליאן [א ליעד וואס די געסט אויף א באנקעט פלעגען זינגען איינער נאך'ן אנדערען ביים טרינקען].

skry'er *n.* (סקראי'־ער) דער געהילף פון א פאקוסניק אדער מכשף.

sku'a *n.* (סקיו'־א) די ברוינע רויב־מעווע [אזא ים־פויגעל].

sku'a-gull *n.* (סקיו'־א־גאל) ז. ***skua***.

skulk *v. and n.* (סקאלק) קריכען בגנבה, געהן בעהאלטענערהייד; זיך האלטען פער־בארגען; ליגען אין א בעהעלטעניש; איי־נער וואס בעהאלט זיך אדער פערבארגט זיך.

skul'ker *n.* (סקאל'־קער) איינער וואס בעהאלט זיך; איינער וואס ליגט אין א בעהעלטעניש.

skul'kingly *adv.* (סקאל'־קינג־לי) בע־האלטענערהייד, פערבארגענערהייד.

skul'king-place *n.* (סקאל'־קינג־פלייס) א בעהעלטעניש, אן ארט וואו זיך צו בעהאלטען.

skull *n.* (סקאל) דער שיידעל, דער קאפ־שארבען; דער קאפ; דער טייל פון א פאנצער־היטעל וואס בעדעקט דעם קאפ־שארבען; די אבגעקיהלטע מעטאל־שיכט וואס עס בילדעט זיך אויף די ווענטלעך פון דער כלי אין וועלכען מען האלט צו־שמאלצענעם מעטאל.

skull'cap *n.* (סקאל׳-קעפּ) דער אויבער־שטער טייל פון שאַרבען; אַ יאַרמולקע, אַ מיצעל, אַ קעפּקע; אַ פּיקעל־הויב; העלם־קרויט [אַזאַ פּלאַנצע מיט גרויסע בלויע בלומען וואָס וואַקסט אין פייכטע שאַטנ־דיגע ערטער].

skulled *a.* (סקאַלד) וואָס האָט אַ קאָפּ־שאַרבען אָדער שיידעל.

skull'-fish *n.* (סקאַל׳-פיש) אַ וואַלפיש וואָס איז עלטער פון צוויי יאָהר.

skull'-roof *n.* (סקאַל׳-רוהף) דער אויבערשטער טייל פון קאָפּ־שאַרבען.

skunk *n. and v.* (סקאַנק) אַ סקאַנק, אַן אַמעריקאַנער שטינק־טהיער [אַזאַ אַמע־ריקאַנער קליינעס רויב־טהיער אונגע־פעהר ווי אַ הויז־קאַץ די גרויס, מיט אַ לאַנגען, דיקען האָריגען עק און אַ שוואַר־צער האָריגער פעל דורכגעוואָרפען וואו ניט וואו מיט ווייסע האָר, מיט צוויי ברייטע ווייסע שטרייפען לענגס די זייטען. ווען מען יאָגט זיך נאָך דעם סקאַנק לאָזט ער אַרויס פון זיך זעהר אַ שטאַרקען גע־שטאַנק]; אַזאַ טכויר אָדער שעסקע; אַ געמיינער יונג; אַ פּאַלשטענדיגע נידער־לאַגע אין אַ שפּיעל; פּאַלשטענדיג צוקלאַ־פּען אָדער בעזיגען דעם געגנער אין אַ שפּיעל; אַנשטעקען פיש מיט אַ קראַנק־הייט פון וועלכער זיי פּערלירען די שו־פּען; אָוועקפאַהרען ניט בעצאָהלענדיג די חובות; פּערלאָזען די אוניווערזיטעט ניט בעצאָהלענדיג די חובות [וועגען סטודענ־טען].

Skunk

skunk'ery *n.* (סקאַנק׳-ער-אי) אַ פּלאַץ וואו סקאַנקס ווערען געהאַלטען. ז. *skunk*.

skun'kish *a.* (סקאַנ׳-קיש) שטינקענד.

Skupsh'tina *n.* (סקופּש׳-טי-נאַ) די סקופּשטשינאַ, דער סערבישער פּאַרלאַמענט.

sky *n. and v.* (סקאַי) דער הימעל; דער הימעלס־געוועלב; דער לופט־רוים, די אַט־מאָספעראַ; די אויבערשטע רייהען בילדער וועלכע זיינען נאָהענט צו דער אויבער־לאַגע [סטעליע] אין אַ בילדער־גאַלעריע; הויבען צום הימעל; אַ קלאַפּ געבען דעם באַל אין קריקעט־שפּיעל, אַז ער זאָל פלי־הען אין דער הויך; אויפהענגען אַ בילד נאָהענט צו דער סטעליע אין אַ בילדער־גאַלעריע.

sky'-blue' *a. and n.* (סקאַי׳-בלוה׳) הימעל־בלוי; אַ הימעל־בלויער קאָליר; אַב־געשמאַנטע מילך, וואַסערדיגע מילך.

sky'-born *a.* (סקאַי׳-באָהרן) געבאָרען אין הימעל.

sky'-col'or *n.* (סקאַי׳-קאָל׳-אָר) הימעל־קאָליר.

sky'-col'ored *a.* (סקאַי׳-קאָל׳-אָרד) הימעל־בלוי, פון הימעל־קאָליר.

sky'-drain *n.* (סקאַי׳-דריין) אַ גראָבען אַרום אַ הויז אַבצוציהען די נאַסקייט.

sky'-dyed *a.* (סקאַי׳-דאַיד) הימעל־בלוי, הימעל־פאַרביג.

sky'ey *a.* (סקאַי׳-אי) הימליש, ווי דער הימעל; וואָס איז אין אָדער וואָס קומט פון הימעל אָדער פון די וואָלקענס.

sky'-high' *a.* (סקאַי׳-האַי׳) הימעל־הויך, זעהר הויך.

sky'ish *a.* (סקאַי׳-איש) הימליש; וואָס גרייכט ביז אין הימעל.

sky'lark *n. and v.* (סקאַי׳-לאַרק) די פעלד־לערכע [אַזאַ גרויעס זינג־פויגעלע וואָס זינגט פליהענדיג]; מאַכען שפּאַס אָדער חוזק; הוליען.

Skylark

sky'less *a.* (סקאַי׳-לעס) דונקעל, פער־וואָלקענט [דאָס מען זעהט ניט קיין הי־מעל].

sky'light *n.* (סקאַי׳-לאַיט) אַ דאַך־פענ־סטער.

sky'-line *n.* (סקאַי׳-לאַין) דער האָרי־זאָנט, דאָס אָרט וואו דער הימעל מיט דער ערד קומען זיך צונויף; אין אַרכי־טעקטור און מאַלעריי — דער פּראָפיל פון געביידען, בוימער, בערג א. ד. ג. ווי זיי זעהען אויס געגען הימעל.

sky'-par'lor *n.* (סקאַי׳-פּאַר׳-לאָר) אַ דאַך־צימער; די אויבערשטע גאַלעריע פון טעאַטער.

sky'-pi'lot *n.* (סקאַי׳-פּאַי׳-לאָט) אַ גלח, אַ פּריסטער.

sky'-plan'ted *a.* (סקאַי׳-פּלען׳-טעד) וואָס געפינט זיך אין הימעל.

sky'-rock'et *n. and v.* (סקאַי׳-ראָק׳-עט) אַ הויך־פליהענדע ראַקעטע [פייער־ווערק]; פליהען ווי אַ הויך־פליהענדע ראַ־קעטע; זיך פּלוצים אויפהויבען אין דער הויך; עקספּלאָדירען און פערשווינדען.

sky'sail *n.* (סקאַי׳-סייל) אַ סקי־זעגעל [אַ לייכטער זעגעל אין דער הויך פון אַ שיף].

sky'-scra'per *n.* (סקאַי׳-סקריי׳-פּער) אַ הימעל־קראַצער, אַ וואָלקען־קראַצער [אַ זעהר הויכע פיעל־שטאָקיגע געביידע]; אַ דריי־עקיגער סקי־זעגעל [ז. *skysail*]; אַ באַל וואָס איז געוואָרפען זעהר הויך אין דער לופט.

sky'-tinc'tured *a.* (סקאַי׳-טינק׳-טשורד) פון הימעל־פאַרב.

sky'ward *adv.* (סקאַי׳-וואָרד) צום הימעל צו.

sky'wards *adv.* (סקאַי׳-וואָרדז) ז. *skyward*.

slab *n., a. and v.* (סלעב) אַ פּלאַכער שטיין, אַ דיקע שטיין־פּלאַטע; אַ גראָבעס, דיקעס ברעט; בלאָטע, שלאַם; דיק, גע־דיכט, קלעפּיג; אויסשניידען גראָבע, די־קע פּלאַטען.

slab'ber *v. and n.* (סלעב׳-ער) לאָזען רינען די שפּייעכץ אָדער סלינע, גאַווע־רען; האַסטיג שלינגען, זיך פערכלינען; דורכנעצען, נאַס מאַכען; פערשמוצען, פערפּאַטשקען; סלינע אָדער שפּייעכץ וואָס רינט פון מויל; איינער אָדער עפּעס וואָס מאַכט דיקע, גראָבע פּלאַטען [ווי שטיינ־פּלאַטען].

slab'berer *n.* (סלעב׳-ער-ער) אַ גאַווע־רער, איינער וואָס לאָזט רינען שפּייעכץ; איינער ביי וועמען עס רינט שפּייעכץ פון מויל; אַן אידיאָט, אַ שוטה.

slab'bery *a.* (סלעב׳-ער-אי) שמירעוודיג, שמוציג, קויטיג, בלאָטיג.

slab'biness *n.* (סלעב׳-אי-נעס) שמוציג־קייט, קויטיגקייט.

slab'by *a.* (סלעב׳-אי) געדיכט, קלעפּע־דיג; פייכט, נאַס; בלאָטיג.

slab'-si'ded *a.* (סלעב׳-סאַי׳-דעד) מיט אָבגעפלאַכטע זייטען; הויך און פּלאַטשיג.

slab'stone *n.* (סלעב׳-סטאָון) אַ פעלז וואָס שפּאַלט זיך אין בעזונדערע פּלאַטען.

slack *a., n., v. and adv.* (סלעק) שוואַך, שלאַף, ניט אָנגעצויגען [וועגען אַ הענ־געגדען שטריק]; לאַנגזאַם, נאַכלעסיג [אין געשעפט אָדער אַרבייט]; ניט ענער־גיש, ניט אַקטיוו, ווייניג בעוועגליך; מאַט, פויל; דער שלאַפער אָדער לויזער טייל פון אַ שטריק; סלעק, די צייט ווען עס איז פאַראַן זעהר ווייניג אַרבייט; קליינינקע, דראָבנע שטיין־קויהלען; דער שטויב פון שטיין־קויהלען; ווערען אָבגעשוואַכט, זיך אָבלאָזען [וועגען אַן אָנגעצויגענעם שטריק]; ווערען שטילער, ווערען נידרי־גער, ווערען ווייניגער; זיין צוריקשטע־הענד, ווערען לאַנגזאַם; אָבשוואַכען, אָב־לאָזען [אַן אָנגעצויגענעם שטריק]; פער־קלענערען, פערמינדערען; זיין נאַכלעסיג; אויך אַ שוואַכען, לאַנגזאַמען שטייגער; ניט אין אַ געהעריגען מאָס.

slack away' (סלעק ע-הוויי׳) אָבלאָזען, מאַכען ווייניגער אָנגעצויגען [ווי אַ שטריק].

slack'-bake *v.* (סלעק׳-בייק) ניט אויס־באַקען [ברויט].

slack'en *v.* (סלעקן) שלאַף ווערען; מאַכען שלאַף אָדער שוואַך; לויז מאַכען; פערמינדערען; נאַכלעסיג ווערען, לאַנגזאַם ווערען.

slack'-jaw *n.* (סלעק׳-דזשאָה) גראָבע אָדער פרעכע רייד.

slack'ly *adv.* (סלעק׳-לי) אָבגעלאָזען, שלאַף, לויז; אויף אַ נאַכלעסיגען שטיי־גער; שוואַך, אָהן ענערגיע.

slack'ness *n.* (סלעק׳-נעס) דאָס זיין שלאַף, לויז, שוואַך אָדער אָבגעלאָזען; דאָס זיין נאַכלעסיג; שלאַפקייט, שוואַכ־קייט; נאַכלעסיגקייט; לאַנגזאַמקייט.

slack'-sal'ted *a.* (סלעק׳-סאָהל׳-טעד) האַלב־געזאַלצען.

slack sea'son (סלעק סיזן) די סלעק, שטילע צייט [ווען עס איז פאַראַן ווייניג אַרבייט].

slack'-wire perfor'mer (סלעק׳-הוואַיר פּויר-פּאָהר׳-מער) אַ טענצער אויף אַ לויז־אָנגעצויגענעם שטריק.

slade *n.* (סלייד) אַ קליינער, שמאָלער טהאָל; אַן אָפּענער אָרט אין אַ וואַלד [אַ שטיקעל פּלאַץ אין וואַלד, וואָס איז ניט בעוואַקסען מיט בוימער].

slag *n. and v.* (סלעג) שלאַקען, אָבפאַל, אָבגאַנג, פּסולת [פון מעטאַלען]; זיך פערוואַנדלען אין שלאַקען [ווי אַן איבער־געברענטער מעטאַל].

slag'-dump *n.* (סלעג׳-דאַמפּ) אַ פּלאַץ וואו עס ווערט אָבגעוואָרפען שלאַקען אָדער אָבפאַל פון מעטאַלען.

slag'gy *a.* (סלעג'-אי) שלאַקיג, פּסולתדיג. ז. *slag*.

slain (סליין) געשלאָגען, גע'הרג'עט, דערשלאָגען. ז. *slay*.

slake *v. and n.* (סלייק) לעשען דעם דאָרשט ; בערוהיגען, בעזענפטיגען, איינשטילען ; מילדערען, דערלייכטערען, לינדערען ; מישען מיט וואַסער אָדער מיט פייכטער לופט ; גלאַשען ווערען [וועגען וואַפּנע]; שליים, בלאָטע.

slaked lime (סלייקט לאַים) געלאַשענער קאַלך.

slam *v. and n.* (סלעם) האַסטיג אַ שטויס טהאָן ; פערמאַכען מיט אַ קלאַפּ [אַ טהיר, אַ בוך]; אַ קלאַפּ טהאָן ; אין קאָרטען-שפּיעל — אַבשלאָגען אַלע קאָרטען ; עפּעס אַבשלאָגען מיט אַ קלאַפּ ; אַ קלאַפּ [מיט דער טהיר]; אין קאָרטען-שפּיעל — שלעם [דאָס אַבשלאָגען אַלע קאָרטען פון נעגנער].

slam'-bang' *adv. and a.* (סלעמ'-בענג') מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ טראַסק ; פּלוצלונג, אונערוואַרטעט ; מיט אַמאָל ; שטורמיש.

slan'der *n. and v.* (סלענ'-דער) פערליימדונג, לשון הרע ; רכילות ; בערעדען ; רעדען לשון הרע.

slan'derer *n.* (סלענ'-דער-ער) אַ פערליימדער, אַ בעל לשון הרע ; אַ רכילות-טרייבער.

slan'derous *a.* (סלענ'-דער-אַס) פערליימדעריש.

slan'derously *adv.* (סלענ'-דער-אַס-לי) אויף אַ פערליימדערישען שטייגער ; דורך לשון-הרע.

slan'derousness *n.* (סלענ'-דער-אַס-נעס) דאָס זיין פערליימדעריש.

slang *n. and v.* (סלענג) זשאַרגאָן, גאַסען-שפּראַך, וואולגאַרע ווערטער, ניט ליטעראַרישע אויסדריקען ; דער זשאַרגאָן אָדער די ספּעציפישע אויסדריקע, וואָס ווערען געברויכט פון מענשען פון אַ געוויססען פאַך [ווי גנבים-שפּראַך, כלי-זמר-לשון א. ד. ג.]; ביי די לאָנדאָנער פעדלער — אַ פאַלשע וואָג, אַ פאַלשע מאָס ; ביי אַקטיאָרען — אַ טעאַטראַלע פאַרשטעלונג ; אַ קייטעל פון אַ זייגער [אויף גנבים-שפּראַך]; ברויכען אַ זשאַרגאָן, רעדען מיט וואולגאַרע אויסדריקע ; בעליידיגען מיט וואולגאַרע ווערטער אָדער אויסדריקע.

slang'ily *adv.* (סלענג'-אי-לי) ברויכענדיג אַ זשאַרגאָן, רעדענדיג מיט וואולגאַרע אויסדריקע.

slang'iness *n.* (סלענג'-אי-נעס) זשאַרגאָן-אַרטיגקייט, דאָס זשאַרגאָן-אַרטיגע רעדען.

slang'-whang *v.* (סלענג'-הוואַנג) רעדען וואולגאַר, ברויכען ניט ליטעראַרישע אויסדריקע.

slang'-whang'er *n.* (סלענג'-הוואַנג'-ער) אַ וואולגאַרער רעדנער ; אַ שרייער, אַ פּלאַפּלער.

slang'y *a.* (סלענג'-אי) זשאַרגאָניש ; זשאַרגאָן-אַרטיג ; וואָס ברויכט וואולגאַרע אויסדריקע.

slant *v., a. and n.* (סלענט) זיך נייגען, גייען שיעף אָדער משופּע'דיג, גייען קרום אַראָב ; שיעף, קרום ; אַבגעבויגען אָדער אַבגעקעהרט אין אַ זייט ; אַן אַבגעבויגענע ריכטונג, אַ משופּע'דיגע זאַך.

slan'tingly *adv.* (סלענ'-טינג-לי) אין אַ שיעפער אָדער קרומער ריכטונג.

slan'tingness *n.* (סלענ'-טינג-נעס) שיעפקייט, קרומקייט, אַבגעבויגענקייט.

slant'ly *adv.* (סלענט'-לי) ז. *slantingly*.

slant'wise *adv.* (סלענט'-הוואַיז) ז. *slantingly*.

slap *v., n., a. and adv.* (סלעפּ) קלאַפּען, שלאָגען, פּאַטשען ; אַ קלאַפּ, אַ פּאַטש ; פון בעסטען זאָרט, ערשט-קלאַסיג, אויסגעצייכענט ; מיט איין מאָל, פּלוצלונג, אונערוואַרטעט.

slap'-dash *a, n., v. and adv.* (סלעפּ'-דעש) שטורמיש, היציג ; ראַש, פייעריג, האַסטיג, וויטהענד, העפטיג ; אַן אַרבייט וואָס מען לאָזט געהן ווי עס געהט ; טהאָן עפּעס ניט פּאָרזיכטיג ; מיט איין מאָל, פּלוצלונג.

slap'jack *n.* (סלעפּ'-דזשעק) אַ מין פּאַן-קוכען אָדער בלינצע.

slap'per *n.* (סלעפּ'-ער) אַ פּאַטשער, אַ קלאַפּער, אַ שלעגער ; אַ פּערזאָן אָדער זאַך וואָס איז זעהר גרויס און ברייט.

slap'ping *a.* (סלעפּ'-אינג) גראָב, גרויס, אונגעגלומפּערט.

slap'-up *a.* (סלעפּ'-אַפּ) ערשט-קלאַסיג ; פון בעסטען זאָרט ; אויסגעצייכענט.

slash *v. and n.* (סלעש) איינשניידען, מאַכען אַ לאַנגען טיעפען שניט ; אַ האַק טהאָן [ווי מיט אַ שווערד אָדער האַק]; אַ שמיץ טהאָן [ווי מיט אַ בייטש]; שמייסען, צופּאַסעווען דאָס לייב ; מאַכען אַן אויסשניט אָדער אויסשניטען אין אַ קלייד, כדי דער העל-קאָלירטער אונטערשלאַג זאָל זיך אַרויסזעהן ; אַ שניט, אַן איינשניט ; אַ שראַם, אַ צייכען פון אַ שניט אָדער שמיץ ; אַן אויסשניט אין אַ קלייד, כדי עס זאָל זיך אַרויסזעהן דער העל-קאָלירטער אונטערשלאַג ; אַן עפּנונג אין אַ וואַלד ; אַ זומפּיגער פּלאַץ בעוואַקסען מיט קוסטעס.

slash'er *n.* (סלעש'-ער) איינער אָדער עפּעס וואָס האַקט אָדער שניידט [ווי אַ שווערד, אַ שנייד-מאַשין, אַ האַק-מאַשין א. ז. וו.].

slash'es *n.* (סלעש'-עז) אַבגעהאַקטע בוימער און צווייגען.

slash'ing *a. and n.* (סלעש'-אינג) שניידיג, שאַרף, פערניכטענד, גיפטיג [אין קריטיק]; אָהן ריקזיכט ; אַן אויסשניט אין אַ קלייד ; אין מיליטער — דאָס אויסלעגען אַבגעהאַקטע בוימער אַזוי, אַז זייערע שפּיצען זאָלען זיין געריכטעט געגען שונא [צו הינדערען אַן אַטאַקע].

slash'ings *n.* (סלעש'-אינגז) ז. *slashes*.

slash rates (סלעש רייטס) 1. שניידען די פּרייזען ; 2. געשניטענע אָדער אַראָבגעזעצטע פּרייזען.

2. The stores are selling merchandise at slash rates.

slat *v., n. and a.* (סלעט) אַ וואָרף טהאָן, אַ שטויס טהאָן ; פּאַטשען, קלאַפּען, שלאָגען ; שפּאַלטען ; אַן אַבגעשפּאַלטענע פּלאַטע אָדער ברעטעל ; געמאַכט פון אַבגעשפּאַלטענע פּלאַטען אָדער ברעטעלעך.

slate *n., a. and v.* (סלייט) שיעפער-שטיין, אַ שטיין וואָס שפּאַלט זיך אויף דינע פּלאַטען ; אַ פּלאַטע פון שיעפער-שטיין ; אַ שיעפער טאַוועל, אַ גריפעל-טאַוועל ; אין דער פּאָליטיק פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — אַ ליסטע פון קאַנדידאַטען, וועלכע די פיהרער פון אַ פּאַרטיי שטעלען אַרויס צו נאָמינירען אויף דער קאָנווענציאָן אָדער צוזאַמענפאָהר ; פון שיעפער-שטיין קאָליר, מיט אַ שוואַרצען אָדער טונקעל-גרויען קאָליר ; דעקען אַ דאַך מיט שיעפער-פּלאַטען ; רעקאָמענדירען אַ קאַנדידאַט, וועלכער זאָל נאָמינירט ווערען אויף דער קאָנווענציאָן פון דער פּאַרטיי.

slate'-ax *n.* (סלייט'-עקס) אַן אינסטרומענט צו שפּאַלטען שיעפער-שטיין.

slate'-board *n.* (סלייט'-באָרד) אַ שיעפער-טאַוועל, אַ גריפעל-טאַוועל [צום שרייבען].

slate'-coal *n.* (סלייט'-קאָול) שיעפער-קויהלען [אַ מין האַרטע קויהלען].

slate'-col'ored *a.* (סלייט'-קאַל'-אָרד) פון אַ טונקעל-גרויען קאָליר [ווי שיעפער-שטיין].

slate'-cut'ter *n.* (סלייט'-קאַט'-ער) אַ מאַשין אַרומצושניידען שיעפער-פּלאַטען אָדער שיעפער-טאַוולען.

slate'-frame *n.* (סלייט'-פריים) אַ מאַשין צו מאַכען הילצערנע ראַהמען פאַר שיעפער-טאַוולען אָדער גריפעל-טאַוולען.

slate'-peg *n.* (סלייט'-פּעג) אַזאַ נאָגעל אָדער טשוועקעל וואָס ווערט בענוצט צו בעשלאָגען אַ דאַך מיט שיעפער-פּלאַטען.

slate'-pen'cil *n.* (סלייט'-פּענ'-סיל) אַ גריפעל.

sla'ter *n.* (סליי'-טער) איינער וואָס דעקט דעכער מיט שיעפער-פּלאַטען ; אַ געצייג אַבצושאַבען דאָס פלייש פון פעל ; אַן איזאָפּאָד [אַזאַ אינזעקט. ז. *isopod*].

slate'-roof *n.* (סלייט'-רוהף) אַ דאַך געדעקט מיט שיעפער-פּלאַטען.

slate'-works *n.* (סלייט'-הוואָירקס) דער פּלאַץ וואו מען אַרבייט שיעפער-שטיין.

slate'-wri'ting *n.* (סלייט'-ראַי'-טינג) אַ מין פּאָקוס מיט שרייבען אויף אַ שיעפער-ברעטעל וואָס מאַגיקער אָדער ספּיריטיסטען שטעלען אַרויס אַלס כלומר'שדיגע שריפט פון גייסטער.

slath'ers *n.* (סלעטה'-ערז) אַ גרויסע מענגע ; אַ גרויס שטיק.

sla'ting *n.* (סליי'-טינג) דאָס דעקען אַ דאַך מיט שיעפער-פּלאַטען ; אַ שיעפער-דאַך ; שיעפער-פּלאַטען ; אַ פליסיגער שטאָף, מיט וועלכען עס ווערט בעדעקט אַ שוואַרץ ברעט, כדי מען זאָל קענען אויף איהם שרייבען מיט אַ גריפעל ווי אויף אַ שיעפער-ברעטעל ; אַ בייסענדע אָדער שטעכענדע קריטיק.

slat'-machine' *n.* (סלעט'-מע-שין') אַ מאַשין צו זעגען ברעטער.

slat'ter *v.* (סלעט'-ער) זיך אָנטהאָן שלומפּעריג אָדער שמוציג ; זיין אונפּאָרזיכטיג אָדער ניט אויסגערעכענט ; זיין נאַכלעסיג ; זיין פערשווענדעריש.

slat'tern *n. and a.* (סלעט'-ערן) אַ שלומפּער [אַ פרוי]; וואָס איז שייך צו אַ שלומפּער ; שלומפּעריש.

slat'ternly *a. and adv.* (סלעט'-ערנ-לי) שלומפּערדיג, שמוציג, נאַכלעסיג.

sla'ty *a.* (סליי'-טי) פון שיעפער-שטיין ; שיעפער-פאַרביג, שוואַרץ-גרוי.

slaugh'ter *n. and v.* (סלאָה'-טער) אַ שחיטה, אַ הריגה, אַ בלוט-באַד ; דאָס פערקויפען סחורות בחצי-חנם ; שלאַכטען, אויס'הרג'ענען, אויסקוילען.

slaugh'terer *n.* (סלאָה'-טער-ער) איינער וואָס שלאַכטעט בהמות אָדער עופות ; אַ שוחט, אַ קצב.

slaugh'ter-house *n.* (סלאָה'-טער-האַוס) אַ שלאַכט-הויז ; דאָס אָרט וואו פיעל מענשען ווערען דער'הרג'עט.

slaugh'terous *a.* (סלאָה'-טער-אַס) מערדעריש.

Slav *n.* (סלעוו) [איינער פון] אַ סלאַוו

די סלאווישע נאציאנען, ווי די בולגארען, קראאטען, פוילען, רוסען א. ז. וו.].

Slav'dom *n.* (סלעוו'-דאם) די סלאווען; די סלאווישע פעלקער.

slave *n., a. and v.* (סלייוו) א שקלאף, א קנעכט, אן אונפרייער, א לייב-אייגענער; א שקלאפין; איינער וואס קען ניט ביישטעהן געגען א שלעכטער געוואהנהייט אדער תאוה; איינער וואס ארבייט ווי א שקלאף; א נידריגע בריאה, א פערקויפטע נשמה; שקלאפיש; וואס איז אויסגעארבייט פון שקלאפען; וואס בעזיצט שקלאפען; ארבייטען ווי א שקלאף, הארעווען איבער די כחות.

slave'-ant *n.* (סלייוו'-ענט) א מוראשקע וואס ווערט געהאלטען אין שקלאפעריי ביי אן אנדער מין מוראשקעס. ז. *slave-making*.

slave at (סלייוו עט) זעהר שווער ארבייטען ביי עפעס.

slave'-born *a.* (סלייוו'-באהרן) געבארען א שקלאף.

slave'-catch'er *n.* (סלייוו'-קעטש'-ער) א שקלאפען-כאפער.

slave'-cof'fle *n.* (סלייוו'-קאפ'ל) א שקלאפען-צוג, א מענגע צוזאמענגעשלאסענע שקלאפען.

slave'-deal'ing *n.* (סלייוו'-דיעל'-ינג) שקלאפען-האנדעל.

slave'-dogs *n.* (סלייוו'-דאגז) בלוט-הינד [הינד, וועלכע מען האט אויסגעלערענט נאכשפירען און כאפען אנטלאפענע שקלאפען].

slave'-dri'ver *n.* (סלייוו'-דראי'-ווער) א שקלאפען-טרייבער, איינער וואס צווינגט זיינע ארבייטער צו הארעווען שווער.

slave for (סלייוו פאר) זיך פלאגען פאר איינעם, שווער ארבייטען פאר איינעם.

slave'-fork *n.* (סלייוו'-פאהרק) דער שקלאפען-גאפעל, א שווערע גאפעל-פערמיגע צווייג פון א בוים, וועלכע ווערט בענוצט פון שקלאפען-פאנגער אין אפריקא צו האלטען די געפאנגענע שקלאפען אז זיי זאלען ניט אנטלויפען.

slave'holder *n.* (סלייוו'-האול-דער) א שקלאפען-אייגענטימער, א בעזיצער פון שקלאפען.

slave'holding *n. and a.* (סלייוו'-האול-דינג) שקלאפען-האלטעריי; שקלאפען-בעזיץ; וואס האלט שקלאפען.

slave'-hun'ter *n.* (סלייוו'-האנ'-טער) א שקלאפען-כאפער, איינער וואס פאנגט מענשען און פערקויפט זיי אלס שקלאפען.

slave'-ma'king *n.* (סלייוו'-מיי'-קינג) דאס מאכען שקלאפען, ווי געוויסע מוראשקעס [דיעזע מוראשקעס פאלען אן אויף א קאלאניע פון אנדערע מוראשקעס, פערנעהמען זייערע לארווען און הארעווען זיי אויס צו דיענען ביי זיי אלס שקלאפען].

slave'-mar'ket *n.* (סלייוו'-מאר'-קעט) א שקלאפען-מארק.

slave'-ow'ner *n.* (סלייוו'-או'-נער) א שקלאפען-בעזיצער.

sla'ver *n.* (סליי'-ווער) א שקלאפען-שיף [א שיף אין וועלכער מען פיהרט שקלאפען]; א שקלאפען-פאנגער; א שקלאפען-הענדלער.

slav'er *v. and n.* (סלעוו'-ער) גאווערען, לאזען סלינע אדער שפייעכץ פון מויל; פערשפייען, פערבראקען; שפייעכץ, סלינע.

slav'erer *n.* (סלעוו'-ער-ער) איינער וואס עס רינט איהם די סלינע; אן אידיאט, א גולם; אן אונטערלעקער; א חונף.

slav'eringly *adv.* (סלעוו'-ער-אינג-לי) לאזענדיג רינען די סלינע; גאווערענדיג.

slav'ery *a.* (סלעוו'-ער-אי) נאס פון שפייעכץ, פערגאווערט.

sla'very *n.* (סליי'-ווער-אי) שקלאפעריי, קנעכטשאפט.

slave'-ship *n.* (סלייוו'-שיפ) א שקלאפען-שיף. ז. *slaver*.

slave State (סלייוו סטייט) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שקלאפען-שטאאט, איינער פון די 15 זיד-שטאאטען, וואו עס איז געווען ערלויבט שקלאפעריי ביז דעם בירגער-קריעג.

slave'-trade *n.* (סלייוו'-טרייד) שקלאפען-האנדעל.

slave'-tra'der *n.* (סלייוו'-טריי'-דער) א שקלאפען-הענדלער.

slave'-whip *n.* (סלייוו'-הוויפ) א שקלאפען-בייטש, אזא בייטש, מיט וועלכער מען פלעגט שמייסען שקלאפען.

sla'vey *n.* (סליי'-ווי) א דיענסטמיידעל.

Slav'ian *a. and n.* (סלעוו'-אי-ען) ז. *Slavic*.

Slav'ic *a. and n.* (סלעוו'-איק) סלאוויש; איינע פון די סלאווישע שפראכען.

sla'vish *a.* (סליי'-וויש) שקלאפיש, קנעכטיש; אונטערגעווארפען, געמיין.

sla'vishly *adv.* (סליי'-וויש-לי) אויף א שקלאפישען שטייגער; מעשה שקלאף.

sla'vishness *n.* (סליי'-וויש-נעס) קנעכטישקייט; שקלאפעריי.

Slav'ism *n.* (סלעוו'-איזם) סלאוויזם, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון די סלאווען.

slavoc'racy *n.* (סלע-וואק'-רע-סי) די שקלאפען-האלטער אריסטאקראטיע, די שקלאפען-באראנען.

sla'vocrat *n.* (סליי'-ווא-קרעט) א שקלאפען-באראן, איינער פון דער שקלאפען-האלטער אריסטאקראטיע.

Slavo'nian *a. and n.* (סלע-וואו'-ני-ען) סלאוואניש, וואס איז שייך צו סלאוואניע [א געגענד אין דער עסטרייך-אונגארישער מלוכה]; סלאוויש; א סלאוואניער; סלאוואנישע אדער סלאווישע שפראך.

Slavon'ic *a. and n.* (סלע-וואנ'-איק) סלאוואניש אדער סלאוויש; די סלאווישע שפראך.

Slav'onize *v.* (סלעוו'-א-נאיז) סלאווי-זירען, מאכען סלאוויש.

Slav'ophil *n.* (סלעוו'-א-פיל) א סלאוואפיל, א סלאווען-פריינד [אן אנהענגער און פערטיידיגער פון דער סלאווישער ראסע און איהרע אייגענטימליכקייטען].

Slav'ophilism *n.* (סלעוו'-א-פיל-איזם) סלאוואפיליזם, די ליעבע צו דער סלאווישער ראסע און איהרע אייגענטימליכקייטען.

Slav'ophobist *n.* (סלעוו'-א-פאו-ביסט) א סלאווען-פיינד, איינער וואס האסט די סלאווישע ראסע.

slaw *n.* (סלאה) געהאקטע קרויט וואס ווערט געבריהט רויה אדער געקאכט.

slay *v. and n.* (סליי) טוי-טען, אומברייננגען, מארדען; פערניכטען; א וועבער-קאם [א מין קאם, מיט וועלכען וועבער קלאפען צו די ברייטע פאדים אין געוועב].

slay'er *n.* (סליי'-ער) א טויט-שלעגער, א מערדער.

sleave *n. and v.* (סליעוו) א פלאנטער, קניפעלדיגע אדער געפלאנטערטע זייד; א פערפלאנטערטע זאך; א פערפלאנטערטער עניו; פאנאנדערפלאנטערען פאדים.

slea'ziness *n.* (סליע'-זי-נעס) דינקייט, גרינגקייט, לייכטקייט.

slea'zy *a.* (סליע'-זי) [וועגען צייג אדער שטאף] דין, לייכט.

sled *n. and v.* (סלעד) א שליטען; א שלעפ-וואגען; א גרויסער שמיעד-האמער; פאהרען אדער פיהרען מיט א שליטען; געפיהרט ווערען אויף א שליטען.

Sled

sled'-brake *n.* (סלעד'-ברייק) א שלי-טען-טארמאז [אזא שטעקען אבצוהאלטען דעם לויף פון שליטען].

sled'ded *a.* (סלעד'-עד) געפיהרט אויף א שליטען; וואס פאהרט אויף א שליטען.

sled'der *n.* (סלעד'-ער) איינער וואס פאהרט אויף א שליטען; איינער וואס שליטעלט זיך; א פערד איינגעשפאנט אין א שליטען.

sled'ding *n.* (סלעד'-אינג) דאס פיהרען מיט א שליטען אדער פאהרען מיט א שליטען; א שליט-וועג.

sledge *n. and v.* (סלעדזש) א שליטען; א שלעפ-וואגען; א גרויסער שמיעד-האמער; פאהרען אדער פיהרען מיט א שלי-טען.

sledge'-chair *n.* (סלעדזש'-טשעהר) א שטוהל-שליטען.

sledge'-dog *n.* (סלעדזש'-דאג) א שלי-טען-הונד, א הונד וואס ווערט געברויכט צו שלעפען א שליטען [ווי ביי די עס-קימאסען].

sledge'-ham'mer *n. and v.* (סלעדזש'-העמ'-ער) א גרויסער שמיעד-האמער; שטארק קלאפען, שטארק שלאגען [ווי מיט א שמיעד-האמער].

sled'man *n.* (סלעד'-מען) א שליטען-אייגענטימער, א שליטען-אנטרייבער; איי-נער וואס פיהרט עפעס אויף א שליטען.

sleek *a., adv., n. and v.* (סליעק) גלאט, גלאנציג; כיטרע, דורכגעטריבען; בעטריגעריש; אונטערלעקעריש, חניפה'-דיג; געשיקט, געניט; מיט געשיקטקייט; שעהן אויסגעארבייט אדער אויסגעפוצט; אויף א נעטען אופן; א גלאטע, גלאנצי-גע פלעכע [ווי פון וואסער], א גלאטער, געלעקטער אדער פערקאמטער פלאץ [ווי אויף א פעל פון א חיה]; מאכען גלאט און גלאנציג; בערוהיגען, איינשטילען; זיך גליטשען, זיך גלאט בעוועגען.

sleeked *a.* (סליעקט) גלאט.

sleek'er *n.* (סליעק'-ער) אן אינסטרומענט גלאט צו מאכען לעדער; אן אינסטרומענט גלאט צו מאכען אייזען-פורעמס; א רעגען-מאנטעל [ביי די רייטענדע פיה-פאסטוכער אין די מערב-געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

sleek'-head'ed *a.* (סליעק'-העד'-עד) גלאט-קעפיג; מיט א גלאט-פערקאמטען קאפ.

sleek'ing *n.* (סליעק'-אינג) דאס מאכען גלאט און גלאנציג.

sleek'ing-glass *n.* (סליעק'-אינג-גלעס) אזא גלעזערנער אינסטרומענט צו מאכען געוועבטע שטאפען גלאט און גלאנציג.

sleek'ness *n.* (סליעק'-נעס) גלאטקייט,

גלאנציגקייט; געשיקטקייט; דאס זיין פיין אויסגעארבייט; ביטרעקייט, בעטריגערישקייט, חניפה'דיגקייט.

sleek'-stone *n.* (סליעק'-סטאון) א גלעטשטיין [א מין שטיין צו מאכען עפעס גלאט].

sleek'y *a.* (סליעק'-אי) ביטרע, בעטריגעריש; אונטערלעקעריש, חניפה'דיג.

sleep *v. and n.* (סליעפ) 1. שלאפען; איינשלאפען; פערשלאפען [עפעס]; רוהען; זיין טויט; זיין בעגראבען; ענדערען די לאגע אין אבענד [וועגען פלאנצען און פלאנצען־טיילען]; זיין אדער ווערען אבגעטעמפט אדער אבגעלעגען [וועגען קערפער־גליעדער]; 2. בעזארגען מיט פלאץ צום שלאפען; 3. שלאף; רוה; טויט; דאס איינשלאפען אום ווינטער [וועגען געוויסע חיות]; דאס ענדערען די לאגע אין אבענד [וועגען פלאנצען און פלאנצען־טיילען].

2. The car can sleep thirty persons.

sleep away' (סליעפ ע-הוויי') פערשלאפען, אוועק'פטר'ען אדער פערברייינגען אין שלאפען.

sleep'-drunk *a.* (סליעפ'-דראנק) צוטומעלט, פערטשאדעט אדער נערוועז פון שלאפען [ווי איינער וואס איז האלב־ערוואכט פון שווערען שלאף].

sleep'er *n.* (סליעפ'-ער) א שלאפער, א שלעפער; א פעפער; א ווינטער־שלעפער [א חיה וואס שלאפט אום ווינטער]; א טויטער, א מת; א שלאף־וואגאן; די שלאף־מויז אדער די וועווערקע־מויז [ז. *dormouse*]; דער שלעפער־האיפיש אדער גרענלאנדישער האיפיש [אזא זעהר ניט בעוועגליכער האיפיש. ז. *nurse-shark*]; א מין גאבי [אזא טייך־פיש]; א שוועל, א גרונד־באלקען, א קווער־באלקען; א שפאלע [דאס שטיק האלץ, צו וועלכען עס ווערען בעפעסטיגט די אייזענבאהן־שינען].

sleep'er-shark *n.* (סליעפ'-ער-שארק) דער שלעפער־האיפיש אדער גרענלאנדישער האיפיש [אזא זעהר ניט בעוועגליכער האיפיש]. ז. *nurse-shark*

sleep'ily *adv.* (סליעפ'-אי-לי) שלעפעריג, פערשלאפען.

sleep'iness *n.* (סליעפ'-אי-נעס) שלעפעריגקייט; פערשלאפענקייט; צוגעלעגערטקייט, פוילונג [פון רייפע פרוכטען].

sleep'ing *a. and n.* (סליעפ'-אינג) שלאפענד; דאס שלאפען; פערשלאפענקייט.

sleep'ing-bag *n.* (סליעפ'-אינג-בעג) א פעלץ־זאק, אין וועלכען מען שלאפט אין די קאלטע געגענדען.

sleep'ing-car *n.* (סליעפ'-אינג-קאר) א שלאף־וואגאן.

sleep'ing-car'riage *n.* (סליעפ'-אינג-קער'-אידזש) ז. *sleeping-car*

sleep'ing-draught *n.* (סליעפ'-אינג-דרעפט) א שלאף־געטראנק.

sleep'ing-drop'sy *n.* (סליעפ'-אינג-דראפ'-סי) ז. *sleeping-sickness*

sleep'ing part'ner (סליעפ'-אינג פארט'-נער) א שטילער שותף [אזעלכער וואס האט אריינגעלעגט געלד אין געשעפט, אבער ער איז ניט טהעטיג];

sleep'ing rent (סליעפ'-אינג רענט) בעשטענדיגעס אדער בעשטימטעס ארענדע־געלד [ניט לויט דער הכנסה פון דעם פאכטער].

sleep'ing-room *n.* (סליעפ'-אינג-רוהם) א שלאפצימער.

sleep'ing-sick'ness *n.* (סליעפ'-אינג-סיק'-נעס) שלאף־קראנקהייט, די נעגער־קראנקהייט אדער די אפריקאנישע קראנקהייט [א קראנקהייט וואס איז פערשפרייט אין וועסט־אפריקא, מעהרסטענטייל צווישען דער שווארצער בעפעלקערונג. איינער פון איהרע הויפט סמנים איז אן אנפאל פון שלאף].

sleep'less *a.* (סליעפ'-לעס) שלאפלאז; וואכענד; אונרוהיג.

sleep'lessly *adv.* (סליעפ'-לעס-לי) שלאפלאזיג; וואכענד; אויף אן אונרוהיגען אופן.

sleep'lessness *n.* (סליעפ'-לעס-נעס) שלאפלאזיגקייט.

sleep off (סליעפ אף) איבערשלאפען, פטור ווערען דורך שלאפען אדער אין צייט פון שלאף.

I slept off my headache.

sleep out (סליעפ אוט) איבערשלאפען, פטור ווערען דורך שלאפען אדער אין צייט פון שלאף; שלאפען ניט אין דער היים.

sleep upon' both ears (סליעפ א-פאן' באוטה איערז) שלאפען רוהיג, אהן זארג.

sleep'-wa'ker *n.* (סליעפ'-הוויי'-קער) איינער וואס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון היפנאטיזם; א נאכט־וואנדלער, א סאמנאמבוליסט. ז. *somnambulist*

sleep'-wa'king *n.* (סליעפ'-הוויי'-קינג) דאס געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון היפנאטיזם; נאכט־וואנדלונג; סאמנאמבוליזם. ז. *somnambulism*

sleep'-walk'er *n.* (סליעפ'-הוואהק'-ער) א נאכט־וואנדלער, א סאמנאמבוליסט.

sleep'-walk'ing *n.* (סליעפ'-הוואהק'-אינג) נאכט־וואנדלונג, סאמנאמבוליזם.

sleep'y *a.* (סליעפ'-אי) שלעפריג; פערשלאפען; צוגעלעגערט, פוילענד [וועגען רייפע פרוכט].

sleep'yhead *n.* (סליעפ'-אי-העד) א פעפער; א פוילענצער.

sleet *n. and v.* (סליעט) א שפריי־רעגען געמישט מיט שנעע אדער מיט א דראבנעם האגעל; רעגנען, שנעען און האגלען צוזאמען [אין דער פארם פון א שפריי־רעגען].

sleet'iness *n.* (סליעט'-אי-נעס) דאס בעשטעהן פון א שפריי־רעגען געמישט מיט שנעע אדער דראבנעם האגעל.

sleet'y *a.* (סליעט'-אי) וואס בעשטעהט פון א שפריי־רעגען געמישט מיט שנעע אדער מיט דראבנעם האגעל.

sleeve *n. and v.* (סליעוו) אן ארבעל; אין מעכאניק—א רעהר, אין וועלכער עס ווערט אריינגעשטעלט אן אנדער רעהר אדער א שטאנג; א פלאנטער, אנגעפלאנטערטע זייד; צונעהען ארבעל; מאכען מיט ארבעל; פאנאנדערפלאנטערען פעדים.

sleeve'-board *n.* (סליעוו'-באורד) א שניידער־ברעט צום איינפרעסען ארבעל.

sleeve'-but'ton *n.* (סליעוו'-באט'ן) אן ארבעל־קנאפ, א מאנזשעטען־קנאפ.

sleeve'-coup'ling *n.* (סליעוו'-קאפ'-לינג) א מופע אדער ראהר צום פערבינדען צוויי וואלצען אדער רעהרען.

sleeved *a.* (סליעווד) מיט ארבעל.

sleeve'-fish *n.* (סליעוו'-פיש) א ווייך־טהיער, א טינט־פיש. ז. *calamar*

sleeve'-hand *n.* (סליעוו'-הענד) א מאנזשעט; דער טייל פון ארבעל ביים האנד־געלענק; א מאנזשעטען־קנאפ אויף א קייטעל.

sleeve'-knot *n.* (סליעוו'-נאט) אן ארבעל־שלייף [א שלייף פון א באנד וואס ווערט צוגענעהט צו אן ארבעל].

sleeve'less *a.* (סליעוו'-לעס) אהן ארבעל; זינלאז, נוצלאז, צוועקלאז, אונפאלקאם.

sleeve'less er'rand (סליעוו'-לעס ער'-ענד) אן אומזיסטיגער גאנג; א נוצלאזע ארבייט.

He wasted many precious hours on sleeveless errands.

sleeve'-link *n.* (סליעוו'-לינק) א קייטעל מאנזשעטען־קנאפ.

sleeve'-nut *n.* (סליעוו'-נאט) א דאפעל־מוטערקע, וואס שרויפט זיך פון איין זייט אויף רעכטס און פון דער צווייטער אויף לינקס, צו פערבינדען צוויי וואלצען אדער רעהרען.



Sleeve-nut

sleeve'-weight *n.* (סליעוו'-הווייט) א מעטאל־געוויכט ביים ברעג פון לאנגע ארבעל, וואס דערלאזט ניט, זיי זאלען צוקנייטשט ווערען.

slee'zy *a.* (סליע'-זי) ז. *sleazy*

sleigh *n. and v.* (סליי) א שליטען; דער פאדערשטער טייל פון דעם אונטערשטען קינבאק ביי א וואלפיש [וואו עס געפינען זיך די צייהן]; פאהרען אויף א שליטען.

sleigh'-bell *n.* (סליי'-בעל) א שליטען־גלעקעל [א רונד גלעקעל].

sleigh'er *n.* (סליי'-ער) איינער וואס פאהרט אין א שליטען.

sleigh'ing *n.* (סליי'-אינג) 1. דאס פאהרען מיט א שליטען; 2. א שליט־וועג.

1. We enjoyed the sleighing in the park. 2. The sleighing is bad.

sleigh'-ride *n.* (סליי'-ראיד) דאס פאהרען אין א שליטען.

sleight *n.* (סלאיט) געשיקטקייט, ביטרעקייט; א קונסט־שטיק, א שפיצעל, א קונץ, א פאקוס.

sleight of hand (סלאיט אוו הענד) פאקוסען, קונץ־שטיק, שווארצקינסטלעריי.

sleight'-of-hand' *a.* (סלאיט'-אוו-הענד') שווארצקינסטלעריש, וואס מאכט פאקוסען אדער קונץ־שטיק.

A good sleight-of-hand performer can deceive the most watchful person.

slen'der *a.* (סלענ'-דער) 1. דין; שלאנק; 2. שוואך; 3. קנאפ, ווייניג, קארג; 4. מאגער, קליין; ארעם; 5. אונוויכטיג, נישטיג.

2. He is of slender built. 3. He is a man of slender means. 4. Kindly partake of this slender meal.

slen'derly *adv.* (סלענ'-דער-לי) דין; שלאנק; שוואך; אויף א קנאפען, קארגען, מאגערען אדער ארעמען אופן.

slen'derness *n.* (סלענ'-דער-נעס) דינקייט; שלאנקקייט; שוואכקייט; קארגקייט, ווייניגקייט, קנאפקייט, ארעמקייט, קליינקייט.

slentan'do *adv.* (סלענ-טענ'-דא) ז. *lentando*

slepez' *n.* (סלע-פעץ') די בלינד־מויז. ז. *mole-rat*

slept (סלעפט) געשלאפען, איינגעשלאפען, פערשלאפען, גערוהט; אבגעטעמפט, אבגעלעגען [וועגען קערפער־גליעדער]; בעזארגט מיט פלאץ צום שלאפען. ז. *sleep*

sleuth *n. and v.* (סלוהטה) א שפור, א סליאד [נאך וועלכען מען שפיאנירט אוים]; א שפיאן; א געהיים־פאליציסט; נאכשפיאנירען.

sleuth'-hound *n.* (סלוהטה'-האונד) א שפיר־הונד, א בלוט־הונד.

slew *n.* (סלוה) א שנעלע שטרעמונג, א וואסער־ווירבעל; אן ארומדרעהונג; א בלאטע־גרוב; געשלאגען, גע'הרג'עט, נעשאכטען [ז. *slay*].

sley *n.* (סליי) א וועבער־קאם. ז. *slay*.

slice *n. and v.* (סלאיס) א פענעץ; א שטיקעל; א ברייט, דין שטיקעל; עטוואס וואס איז דין און ברייט [ווי למשל, פערשיעדענע מינים לאפעטקעס אדער מעסערס]; א ברייט מעסער; א לאפעטקע [צום פאנאנדערשמירען פארבען, צום איבערקעהרען פלייש אויף א בראט־פאן, צום צושניידען און דערלאנגען פיש ביים טיש א. ז. וו.]; דער בעוועגליכער דעק פון א זאץ־שופלע, מיט וועלכען מען נעהמט אראב דעם דרוק־זאץ פון דער שופלע [ז. *slice-galley*]; אבשניידען א פענעץ; אבשניידען א דין, ברייט שטיקעל; אראבשניידען; פאנאנדערטיילען.

slice'-gal'ley *n.* (סלאיס'-געל'-אי) א דרוק־זאץ־שופלע [אזא פלאך, שמאל קעסטעל פאר דרוק־זאץ מיט א בעוועגליכען דעק].



Slice-galley

sli'cer *n.* (סלאי'-סער) איינער וואס שניידט [דינע, ברייטע שטיקער פון עפעס]; עטוואס מיט וואס מען שניידט פענעצעס אדער ברייטע, דינע שטיקלעך. ז. *slice*.

sli'cing-machine' *n.* (סלאי'-סינג-מע-שין') אזא מאשין צום שניידען אדער קנעטען ליים [פאר כלים].

slick *a., adv., n. and v.* (סליק) ז. *sleek*.

slick'enside *n.* (סליק'נ-סאיד) א גלאטע, פאלירטע אויבערפלעכע פון פעלזען.

slick'er *n.* (סליק'-ער) ז. *sleeker*.

slick'ing *n.* (סליק'-אינג) ז. *sleeking*.

slick'ness *n.* (סליק'-נעס) ז. *sleekness*.

slick'-stone *n.* (סליק'-סטאון) ז. *sleek-stone*.

slid (סליד) געגליטשט; זיך געגליטשט. ז. *slide*.

slid'den (סלידן) געגליטשט, זיך געגליטשט. ז. *slide*.

slide *v. and n.* (סלאיד) גליטשען, זיך גליטשען; דורכגליטשען, זיך דורכגליטשען; אריינגליטשען, זיך אריינגליטשען; זיך אוועקגליטשען; אונבעמערקט פערשווינדען; זיך אויסדרעהען, פערשווינדען פון אונטער די הענד; זיך פארבייגליטשען, פארבייגעהן אונבעמערקט; אין מוזיק — אונבעמערקט איבערגעהן פון איין טאן צו א צווייטען; א גליטש; א גלאטער, לייכטער וועג; א גליטשיגע משופע'דינקייט; אן ערד־שטורץ; א ברוך אדער שפאלט אין א מינע; א טייל פון אן אינסטרומענט וואס בעוועגט זיך הין און צוריק; א פארריכטונג איבער וועלכער עפעס גליטשט זיך; א פעהלער, א פערזעהען, א טעות; אן אונבעמערקבארער, שטופענווייזער איבערגאנג פון איין טאן צו א צווייטען.

slide'-ac'tion *n.* (סלאיד'-עק'-שאן) אזא געבוי פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען [ווי למשל, ביי א טראמבאן], ביי וועלכע די פערשיעדענע טענער בעקומען זיך דורך דעם וואס א געוויסער טייל פון אינסטרומענט בעוועגט זיך הין און צוריק.

slid'er *n.* (סלאיד'-ער) א גליטשער; עטוואס וואס גליטשט זיך אדער בעוועגט זיך הין און צוריק; א בעוועגליכער טייל פון עפעס; דער רויט־בייכיגער טעראפען [אזא שילדקרעטע אדער טשערעפאכע. ז. *terrapin*].

slide'-rail *n.* (סלאיד'-רייל) א פלאט־פארם, מיט וועלכער מען פיהרט איבער וואגאנען פון איין אייזענבאהן־ליניע אויף דער צווייטער; א ווייך־שינע, א בעוועגליכע שינע [צום איבערפיהרען א צוג פון איין ליניע אויף דער צווייטער].

slide'-rest *n.* (סלאיד'-רעסט) א דרעה־באנק־שליטען [דער טייל פון א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין, אין וועלכען עס איז בעפעסטיגט דער שנייד־אינסטרומענט].

slide'-rule *n.* (סלאיד'-רוהל) ז. *sliding rule*.

slide'-trom'bone *n.* (סלאיד'-טראמ'-באון) א טראמבאן [אזא מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט], ביי וועלכען די פערשיעדענע טענער בעקומען זיך ניט דורך קלאפענעס, נאר דורך דעם, וואס א געוויסער טייל פון דעם אינסטרומענט בעוועגט זיך הין און צוריק.

slide'-trum'pet *n.* (סלאיד'-טראמ'-פעט) א טרומייט, ביי וועלכען די פערשיעדענע טענער ווערען ארויסגעבראכט ניט דורך קלאפענעס, נאר דורך דער הין־און־הער בעוועגונג פון א געוויסען טייל פון דעם אינסטרומענט.

slide'-valve *n.* (סלאיד'-וועלוו) א שיעב־ווענטיל, א קלאפע וואס רוקט זיך אום.

slid'ing *n. and a.* (סלאיד'-אינג) דאס גליטשען זיך; דאס ארונטערגליטשען זיך; דאס פאלען; דאס אויסגליטשען זיך, דאס בעגעהן א פעהלער; גליטשיג, אונזיכער, פערענדערליך, אונבעשטענדיג; בעוועגליך; וואס קען זיך גליטשען.

slid'ing door (סלאיד'-אינג דאור) א שיעב־טהיר.

slid'ing-keel *n.* (סלאיד'-אינג-קיעל) א שיעב־קיעל [אזא בעוועגליכע פלאטפארם וואס לאזט זיך אראב ווערטיקאל דורך דעם דעק פון א שיף, אום בעסער צו קאנטראלירען די בעוועגונג פון דער שיף אדער אום צו פערקלענערען דאס טרייסלען בעת א שטורם].

slid'ingness *n.* (סלאיד'-אינג-נעס) גליטשיגקייט; אונזיכערהייט, פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט; בעוועגליכקייט; געלויפיגקייט, לייכטקייט, פליסיגקייט [ווי למשל, פון א שפראך].

slid'ing rule (סלאיד'-אינג רוהל) א רעכען־שיעבער [אזא רעכען־שטאב מיט וועלכען די רעכנונגס־אפעראציאנען ווערען געמאכט דורך א קליין שיעבערל וואס ווערט איינגעשטעלט אויף די נויטיגע ציפער אדער שטריכלעך און דורך א צינגעל מיט ציפערען און שטריכלעך, וואס מען קען איבעררוקען פון איין ארט אויף'ן צווייטען].

slid'ing sash (סלאיד'-אינג סעש) א שיעב־פענסטער [א פענסטער וואס רוקט זיך ארויף און אראב].

slid'ing scale (סלאיד'-אינג סקייל) א נארמע אדער ראטע פון פרייזען, ארבייטס־לוין, שטייער א. ד. ג. וואס ענדערט זיך אונטער געוויסע בעדינגונגען; א רעכען־שיעבער [ז. *sliding rule*].

slidom'eter *n.* (סלאי-דאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט וואס צייגט אן די אנשטרענגונג אדער שפאנונג אונטער וועלכער עס ווערען אונטערגעווארפען אייזענבאהן־וואגאנען, ווען זיי ווערען פלעצליך אבגעשטעלט.

slight *a., n. and v.* (סלאיט) דין; לייכט; שוואך; נאריש; קליין; אונבעדייטענד, אונוויכטיג; קנאפ; אויבערפלעכליך; פערעכטליך; פעראכטונג, גרינגשעצונג, איגנארירונג; אונאכטונג; איגנארירען; גרינגשעצען.

slight'er *n.* (סלאיט'-ער) א גרינגשעצער; איינער וואס איגנארירט אדער פערהאלט זיך מיט פעראכטונג אדער גרינגשעצונג.

slight'ing *n. and a.* (סלאיט'-אינג) אונאכטונג, איגנארירונג; פעראכטונג; גרינגשעצונג; גרינגשעצענד, פעראכטענד, פערעכטליך.

slight'ingly *adv.* (סלאיט'-אינג-לי) מיט גרינגשעצונג, מיט אונאכטונג; איגנארירענד.

slight'ly *adv.* (סלאיט'-לי) 1. לייכט, שוואך, אויבערפלעכליך, ווי־עס־איז; אונפאלקאם; 2. עטוואס, אביסעל; 3. מיט גרינגשעצונג, מיט אונאכטונג; 4. לייכטזיניג, אונאיבערלעגט.

1. He is **slightly** acquainted with art. 2. He is **slightly** wounded. 3. He speaks **slightly** of his acquaintances.

slight'ness *n.* (סלאיט'-נעס) דינקייט, לייכטקייט; קליינקייט, אונבעדייטענדקייט, שוואכקייט; קנאפקייט; אויבערפלעכליכקייט.

slight off (סלאיט אף) אוועקמאכען אונטער דער האנד, זיך בעציהען לייכט צו עפעס, לייכט אב'פטר'ען.

Only young people are able to **slight off** death with a jest.

slight o'ver (סלאיט או'-ווער) לייכט איבערגעהן איבער עפעס; טהאן עפעס אויבערפלעכליך.

sli'ly *adv.* (סלאי'-לי) ז. *slyly*.

slim *a. and v.* (סלים) דין, שמאל; שלאנק; שוואך; דעליקאט; אונבעדייטענד, אונוויכטיג; קנאפ, וועניג; קליין; טהאן אן ארבייט אבי־ווי.

slime *n. and v.* (סלאים) שלאם, קלעפיגע בלאטע; א קלעפיגע זאך; עטוואס וואס איז קלעפיג אדער רופט ארוים עקעל; אספאלט; צושטויבטער ערץ [רויהער מעטאל] געמישט מיט וואסער; שמוץ, שמוציגע רייד אדער האנדלונגען; בעדעקען מיט שלאם, מאכען שלאמיג; ווערען שלאמיג; אראבנעהמען דעם שלאם.

slime'-pit *n.* (סלאימ'-פיט) אן אספאלט־גרוב; א רעזערוואואר פאר צושטויבטען ערץ, וואס איז געמישט מיט וואסער.

slim'ily *adv.* (סלאימ'-אי-לי) אויף א שלאמיגען אדער קלעפיגען אופן; ווי שלאם; אויף א שמוציגען אופן.

slim'iness *n.* (סלאימ'-אי-נעס) שלאמיגקייט, בלאטיגקייט, קלעפעדיגקייט; שמוציגקייט.

slim'ly *adv.* (סלימ'-לי) 1. דין; שמאל; שלאנק; שוואך; דעליקאט; 2. קנאפ, קארג, וועניג; 3. אונוויכטיג, אונבעדייטענד.

2. The meeting was **slimly** attended.

slim'mish *a.* (סלימ'-איש) עטוואס דין, שמאל אדער שלאנק; שוואכליך; קנאפליך.

slim'ness *n.* (סלימ'-נעס) דינקייט, שמאלקייט; שלאנקייט; שוואכקייט, דעליקאטנעקייט; אונבעדייטענדקייט; קנאפקייט; קליינקייט.

slim'sy *a.* (סלימ'-זי) 1. שוואך; 2. דין און שוואך.

1. The building is old and **slimsy** 2. We bought some **slimsy** calico.

slim'y *a.* (סלאימ'-אי) שלאמיג, בלאטיג, קלעפיג.

sli'ness *n.* (סלאי'-נעס) ז. *slyness*.

sling *v. and n.* (סלינג) .1 שליידערען, ווארפען; .2 אויפהענגען, אריבערהענגען, אריבערוואַרפען [ווי איבער'ן אַקסעל]; .3 שווינגען, וואקלען, שלעפען אויף שטריק; אויפהענגען אויף עפּעס צום ארויפציהען; .4 פאַנאַנדערשניידען אויף דינגע שטיקלעך מיט א פּאַדים אדער מיט א דראַטה [ליים פאַר טעפּ־ארבייט, אום ארויסצונעהמען די פערהאַרטעוועטע טיילען]; .5 זיך שווינגען; זיך שנעל בע־וועגען מיט ברייטע, לייכטע, שווינגענדע טריט; .6 שנייצען די נאָז מיט די פינ־גער; .7 א שוואונג, א שליידער, א וואורף; א שטויס, א קלאַפּ; .8 דער געוועהר־רימען אדער שליידער־רימען [צום שליידערען שטיינער]; .9 א נאכהענגענדער שלייף; א הענגענדער באַנדאַזש; 10 אַזא האַקען צום ארויפציהען און אַרונטערלאָזען משאות; א קייט אדער שטריק צום בע־פעסטיגען א קוועָר־שטאַנג פון א מאַסט; .11 א שווינגענדע, לייכטע בעוועגונג; .12 א וואַקלענדע בעוועגונג פון א מיהל־שטיין; .13 עטוואָס וואָס הענגט [ווי למשל, א הענגענדער געשטעל פאַר מויער־ארביי־טער].

2. The hunter **slung** the rifle over the shoulder. 3. The casks were **slung** from the hold of the ship. 5. The runners started at a long **slinging** trot. 7. The deadly **sling** of the hailstones ruined the corn on the fields. 9. He has his arm in a **sling**.

sling'-bone *n.* (סלינג'־באון) דער שפּרינג־ביין [איבער דעם פוס־קנעכעל]. ז. *astragal*.

sling'-cart *n.* (סלינג'־קאַרט) אַזא טראַנספּאָרט־וואָגען פאַר קאַנאָנען און האַרמאַטען.

sling'-dog *n.* (סלינג'־דאָג) א שוואונג־האַקען [אַזא האַ־קען צום אויפהויבען און אַרונטער־לאָזען משאות].

Sling-dog

sling'er *n.* (סלינג'־ער) א שליי־דערער, א וואַר־פער; איינער וואָס בענוצט זיך מיט א געוועהר־רימען אדער שליידער־רימען [צום שליידערען שטיינער].

sling ink (סלינג אינק) זיך שרייבען; זיך בעשעפטיגען מיט שרייבעריי; פּאַטשקען, שמיערען.

sling'-piece *n.* (סלינג'־פּיעס) אַזא קליינער האַרמאַט.

slings *n.* (סלינגז) א הענגענדער גע־שטעל [פאַר מויער־ארבייטער].

sling'-stone *n.* (סלינג'־סטאון) א שליי־דער־שטיין [א שטיין געוואָרפען מיט דער הילף פון א שליידער־רימען].

sling'-wag'on *n.* (סלינג'־וועג'־אָן) ז. *sling-cart*.

slink *v., n. and a.* (סלינק) זיך שטיל אַוועקגעהן אדער זיך אַבטראַגען, זיך ארויס־גנב'ענען; אַבוואַרפען אדער מפּיל זיין [וועגען חיות]; אַבוואַרפען [א טויט קאַלב]; זיין ניט רייף צום עסען; א שווינדלער, א גנב; א קמצן, א קאַרגער; אַן אויסגעהונגערטער און דאַרער מענש [צוליעב קאַרגשאַפט]; א מאָגערער, ביי־נערדיגער פיש; א פריהצייטיג געבאָרענע אדער טויט־געבאָרענע קאַלב; דאָס פלייש פון אַזא קאַלב; א ממזר; געבאָרען פאַר דער צייט, טויט געבאָרען; אונרייף אדער ניט פּאַסיג [אַלס שפּייז]; דיין, מאָגער, אויסגעדאַרט, פערהונגערט; שווינדלעריי, געמיין.

slink'-butch'er *n.* (סלינק'־בוטש'־ער) א קצב וואָס פערקויפט פלייש פון טויט־געבאָרענע אדער גע'פגר'טע פיה; א קצב וואָס פערקויפט פּאַדלע.

slink'er *n.* (סלינק'־ער) א מין העכט. ז. *pickerel*.

slink'-skin *n.* (סלינק'־סקין) די פעל פון א טויט־געבאָרענעם קאַלב; לעדער פון אַזא פעל.

slink'y *a.* (סלינק'־אי) דיין, דאַר, מאָגער.

slip *v. and n.* (סליפּ) זיך גליטשען; זיך לייכט בעוועגען; זיך אויסגליטשען; מאַכען א פעהלער; זיך ארויסגליטשען; אונבעמערקט פערגעהען אדער פערשווינ־דען; זיך ארויס'גנב'ענען; זיך ארויס־דרעהען; זיך שטיל אַבטראָגען; ארויס־גנב'ענען, אריינשמוגלען; זיך אַבריי'סען, זיך בעפרייען; אַראָבוואַרפען פון זיך, זיך בעפרייען פון עפּעס; בעפרייען; אַבלאָ־זען; פאַרבייגעהען אונבעמערקט אדער ניט־אויסגענוצט; פאַרבייגעהען אונבעמערקט אדער ניט־אויסגענוצט; אַבשניידען א צווייג [צום איבערפלאַנצען]; מפּיל זיין; אויסגליטשונג; א פעהלער, א פערזעהען, א טעות; א זינד; א לייכטע אַבנייגונג אדער אויסבויגונג [פון פעלזען]; אַן אב־רוקונג, אַן אַבווייכונג; עטוואָס וואָס גליטשט זיך לייכט אַראָב אדער ווערט לייכט אַרונטערגענומען; א קינדערש מאַנ־טעלע; אַן אונטער־קליידעל [הויפּטזעכ־ליך א קאַלירטעס, וואָס זעהט זיך דורך דורך'ן אויבערשטען קליידעל]; א ציכעל, א דעקעל, א קישען־ציכעל; ליים [פאַר טעפּ] אין א האַלב־פליסיגען צושטאַנד; א משופּע'דיגע פּלאַטש; א פערריכטונג ארויסצוציהען א שיף פון וואַסער [צום פערריכטען]; א פּלאַץ פאַר א שיף אין א האַפען; אַן אַבטיילונג אין א רעסטאָ־ראַן; א שטרייף; א פּאַס; א פּלאַכעס שטיק; עטוואָס וואָס ווערט בענוצט צום אויספילען א שטח צווישען צוויי טיילען אדער זיי צו פעראייניגען; אַן ענטוואורף פון א פּאָליסע [פערזיכערונגס־אַבמאַך]; א צווייגעל; א צווייגעל אַבגעשניטען צום איבערפלאַנצען; א געוויסע מאָס פון פּאָ־דים; א שופלע־קאָרעקטור [א קאָרעקטור פון דרוק־זאַץ, וואָס איז נאָך ניט אויס־געשטעלט אין זייטען אדער שפּאַלטען]; אין קריקעט־שפּיעל — דער שפּיעלער וואָס שטעהט הינטער דעם טויער־וועכטער רעכטס; א פאַררימטונג שנעל אַבצושטע־פען פערשידענע זאַכען אויף א שיף; א מין רעהרעל צום אריינלעגען א דראָט אין געפּאַלסטערטען מעבעל; א מפּיל; א קלעפּעניגער שטאָף.

slip'-board *n.* (סליפּ'־באָורד) א שיעב־ברעט, א רוק־ברעט.

slip'-car'riage *n.* (סליפּ'־קער'־אידזש) א וואַגאָן צוגעטשעפּעט צו א קוריער־צוג אַזוי, אַז מען קען איהם אַבטשעפּען בעת דער צוג האַלט אין לויפען.

slip'-cov'er *n.* (סליפּ'־קאָוו'־ער) א מעבעל־ציך, א מעבעל־בעצוג.

slip'-decora'tion *n.* (סליפּ'־דעק־א־ריי'־שאָן) א געוויסע פאָרם פון דעקאָרא־ציאָנען אויף טעפּער־וואַארען.

slip'-dock *n.* (סליפּ'־דאָק) א משופּע'די־גער דאָק. ז. *dock*.

slipe *n.* (סלאַיפּ) א שלעפּ־וואַגען, א שלי־טען [אין מיינען].

slip'-gal'ley *n.* (סליפּ'־געל'־אי) א דרוק־זאַץ־שופלע. ז. *galley*.

slip'-hook *n.* (סליפּ'־הוק) א שיפּס־האַ־קען, וואָס נעהמט זיך לייכט אַרונטער.

slip'-house *n.* (סליפּ'־האוס) א געביידע צום אויסדרונסטען האַלב־פליסיגע ליים [אין בעקענס]. ז. *slip-kiln*.

slip'-kiln *n.* (סליפּ'־קיל) אַין טעפּע־ריי — א בעקען אדער א רייה בעקענס צום אויסדרונסטען האַלב־פליסיגע ליים.

slip'-knot *n.* (סליפּ'־נאָט) א שלייף־קנופּ, א שלייף, א פּעטליע.

slip'-link *n.* (סליפּ'־לינק) א לויזע פערבינדונג.

slip off (סליפּ אָף) זיך אויסדרעהען, זיך ארויסגליטשען, אונבעמערקט פערשווינ־דען; אַראָבגליטשען, שטיל און שנעל אַראָבשלעפּען אדער אַראָבנעהמען.

slip of the pen (סליפּ אָוו טהי פּען) א שרייב־פעהלער, א גרייז.

slip of the tongue (סליפּ אָוו טהי טאַנג) דאָס פּערדריידען זיך, דאָס ארויס־כאַפּען זיך מיט א ניט ריכטיגען ווארט אדער אויסדרוק.

slip on (סליפּ אָן) ארויפוואַרפען אדער ארויפשלעפּען אויף זיך [וועגען קליידער וועלכע מען טהוט אַן אין אייליגניש].

He **slipped on** the coat and ran out of the house.

slip one's breath (סליפּ הוואַנז ברעטה) אויסהויכען די נשמה, שטאַרבען.

slip one's wind (סליפּ הוואַנז ווינד) אויסהויכען די נשמה, שטאַרבען.

slip'per *n.* (סליפּ'־ער) א פּאַנטאָפעל; א קינדערש מאַנטעלע; די פּאַנטאָפעל־פלאַנצע [אַזא בוימעל אדער קוסט, ביי וועלכע די בלומען־בלעטלעך שטעלען צו־זאַמען עטוואָס ענהליכעס צו א שוך]; א מין טאָרמאָז אדער ברעמזע פאַר א וואָ־גען; איינער אדער עטוואָס וואָס גליטשט זיך ארויס אדער בעפרייט זיך; איינער אדער עטוואָס וואָס בעפרייט, לאָזט אָב אדער לאָזט זיך ארויסגליטשען; איינער פון די יעגערס, וואָס האַלט צו די הינד [און לאָזט זיי אָב אין פּאַסיגען מאָ־מענט].

slip'per-bath *n.* (סליפּ'־ער־בעטה) א פּאַנטאָפעל־פאָרמיגע וואַנע [א וואַנע וואָס איין ענד איז ברייטער און דער צוויי־טער שמעלער].

slip'per-drag *n.* (סליפּ'־ער־דרעג) א טאָרמאָז [ברעמזע] פאַר א שווערען וואָ־גען.

slip'pered *a.* (סליפּ'־ערד) וואָס טראָגט פּאַנטאָפעל.

slip'per-flow'er *n.* (סליפּ'־ער־פלאַו'־ער) די פּאַנטאָפעל־פלאַנצע [ז. *slipper*]; די פּאַנטאָפעל־בלום [ז. *slipperwort*].

slip'perily *adv.* (סליפּ'־ער־אי־לי) גלי־טשיג; אויף אַן אונזיכערען אופן; אויף א צולאָזענעם אדער תאוה'דיגען אופן; אויף אַן אונזיכערען, אונבעשטענדיגען, פערענדערליכען אדער אונצופערלעסליכען אופן; מיט כיטרעקייט, אויף א בעטריגע־רישען אופן.

slip'periness *n.* (סליפּ'־ער־אי־נעס) גליטשיגקייט; אונצופערלעסליכקייט, אונ־זיכערהייט; אונעהרליכקייט; כיטרעקייט; בעטריגערישקייט; אונבעשטענדיגקייט, פערענדערליכקייט; צולאָזענקייט, תאוה'־דיגקייט.

slip'per-plant *n.* (סליפּ'־ער־פּלענט) די פּאַנטאָפעל־פלאַנצע. ז. *slipper*.

slip'per-spurge *n.* (סליפּ'־ער־ספּוירדזש) די פּאַנטאָפעל־פלאַנצע. ז. *slipper*.

slip'perwort *n.* (סליפּ'־ער־הוואָרט) די פּאַנטאָפעל־בלום [א פלאַנצע מיט געל־בע און פּורפּור־געפלעקטע בלומען, וואָס

די אונטערשטע בלומען־בלעטלעך האבען די פארם פון א פאנטאפעל].

slip'pery *a.* (סליפ'-ער-אי) 1. גליטשיג; 2. ניט צופערלעסליך; אונזיכער; 3. פערענדערליך, אונבעשטענדיג; 4. צולאזען, תאוה'דיג; 5. כיטרע, שווינדלעריש.

1. The **slippery** sidewalk makes walking very hard. 2. He is too **slippery** a person to trust. 3. He owes his success to a **slippery** turn of fortune.

slip'pery-elm' *n.* (סליפ'-ער-אי-עלם') דער רויטער אולם־בוים אדער דער מוס־טהיער אולם־בוים [אזא גרויסער בוים פון נארד־אמעריקא מיט א קלעפיגער אונטערשטער קארע]. ז. ***elm***.

slip'pery ground (סליפ'-ער-אי גראונד) א גליטשיגער באדען, אן אונזיכערער באדען, אונזיכערהייט, ריזיקאלישקייט.

slip'py *a.* (סליפ'-אי) ז. ***sloppy***.

slip'-rails *n.* (סליפ'-ריילז) קווער־באל־קענס אדער ברעטער פון א טויער אדער פערצאמונג, וואס קענען ארויסגענומען ווערען און צוריק אריינגעשטעלט ווערען.

slip'-rope *n.* (סליפ'-ראופ) א גליטש־שטריק [א שטריק, וואס מען קען לייכט אבלאזען; א שטריק צום בעפעסטיגען א שיף, וואס געהט דורך א רינג].

slips *n.* (סליפס) די שטריקלעך אדער פלאקס־שנירלעך, וואס ווערען איינגענעהט אין א רוקען פון א בוך.

slip'shod *a.* (סליפ'-שאד) 1. וואס טראגט אויסגעטראטענע שיך אדער פאנטאפעל; וואס טראגט שלעפ־שיך; 2. אבגעלאזען.

2. He has a **slipshod** style of writing.

slip'slap *v., n. and a.* (סליפ'-סלעפ) ז. ***slipslop***.

slip'slop *v., n. and a.* (סליפ'-סלאפ) מאכען א גערויש ווי ווען מען געהט אין אויסגעטראטענע פאנטאפעל, זיך בעוועגען ווי אין אויסגעטראטענע פאנטאפעל; וואסערדיגע משקה, שיטערע, וואסערדיגע שפייז; א פעהלער, א פערזעהן, א טעות; אבגעלאזען.

slip'sloppy *a.* (סליפ'-סלאפ-אי) נאס, בלאטיג.

It is a **slipsloppy** day.

slip'-stitch *n.* (סליפ'-סטיטש) א נאהט אין שטיקעריי.

slipt (סליפט) געגליטשט, זיך געגליטשט; זיך ארויסגעדרעהט; אונבעמערקט פערשוואונדען; פארבייגעלאזען; פארבייגעגאנגען אונבעמערקט; אבגעשניטען א צווייג [צום פערפלאנצען]. ז. ***slip***.

slip the col'lar (סליפ טהי קאל'-אר) אראבווארפען דעם יאך, זיך בעפרייען.

slip the leash (סליפ טהי ליעש) זיך בעפרייען פון א שלייף [ווי א הונד]; זיך בעפרייען פון עפעס.

slip up (סליפ אפ) 1. זיך אויסגליטשען; 2. מאכען א פערזעהן, בעגעהן א פעהלער, האבען א טעות.

2. He often **slips up** on his grammar.

slip'way *n.* (סליפ'-הוויי) משופע'דיגקייט פון א דאק. ז. ***slip-dock***.

slirt *v. and n.* (סלוירט) א שליידער טהאן; א שליידער.

slish *n. and v.* (סליש) ז. ***slash***.

slit *n. and v.* (סליט) א שפאלט, אן איינשניט; צושניידען, מאכען אן איינשניט.

slit'ting-mill *n.* (סליט'-אינג-מיל) א מאשין צו צושניידען שטאבעס אייזען אויף דינע שטענגלעך פאר טשוועקעס א. ז. וו.; א מאשין צו שניידען דימענטען און אנדערע זעהר הארטע שטאפען. ז. ***slitting-rollers***.

slit'ting-roll'ers *n.* (סליט'-אינג-ראול'-ערז) א פאר ראלען דורך וועלכע אייזערנע פלאטען ווערען געשניטען אין לאנגע גלייכע פאסען.



Slitting-rollers

slit'ting-saw *n.* (סליט'-אינג-סאה) א מין זעג צום שניידען ברעטער אין דינע שטרייפען.

slit'ting-shears *n.* (סליט'-אינג-שיערז) א מאשין פאנאנדערצושניידען אייזערנע שטאבעס אין דינע שטענגלעך.

snap *v., n. and a.* (סנעפּ) כאפּען; א כאפּ טהאן מיט די צייהנער, א ביס טהאן; איבעררייסען, אונטערברעכען מיט כעס, מיט שארפע ווערטער; צומאכען מיט א שטארקען קלאפּ; קנאקען [ווי מיט די פינגער], כליאשטשען [מיט א בייטש]; צוברעכען מיט א קלאפּ; ארונטערנעהמען [א בילד] דורך מאמענט-פאטאגראפיע; עפּעס אונטערכאפּען [ווי א פארשלאג, א געלעגענהייט א. ד. ג.]; זיך אנשטרענגען א ביס צו טהאן אדער א כאפּ צו טהאן מיט די צייהנער; זיך אויסדריקען מיט שארפע רייד, אנפאלען מיט זידעלווערטער; זיך צוברעכען אויף פּיצלעך; פּלאצען, לאזען זיך הערען מיט א קלאפּ; א בליאסק טהאן, א בלישטש טהאן; א כאפּ; א ביס; א לייכטעם אדער שנעלעם צובייסען; דאס פּלאצען, דאס צוברעכען זיך אויף שטיקלעך; א טראסק, א קנאל; דאס שלעסעל פון א טייסטער, פון א רידיקול, פון א בראסלעט א. ז. וו.; א קנאקער [אזא זשוקעל וואס קנאלט אדער קנאקט]; א מין לעקעך געמאכט מיט אינגבער; שטארקייט, קרעפטיגקייט, ענערגיע, לעבען; א גוטע שטעלע, אן אנגענעהמעס שטיקעל ארבייט; אן איינלאדונג צו שפּיעלען אין א טעאטער אויף א קורצער צייט; אן אויער-רינגעל; א שעלמע, א כיטרער, דורכגעטריבענער יונג; אין גלאז-ארבייט — אזא געצייג צו מאכען דעם געשטעל פון א קעלעשאק א. ד. ג.; אזא געצייג ארומצוקלאפּען די קעפּלעך פון ניעט-נעגעל [ביים פערניטען עטוואס]; דאס ארונטערנעהמען א מאמענט-פאטאגראפיע; שנעל, מאמענטאל, פּלוצלונג, ניט צוגעגרייטערהייד.

snap'-ap'ple *n.* (סנעפּ'-עפּ'ל) א שפּיעל, וואו א שטעקעל, וואס איז אנגעבונדען אין מיטען אויף א פאדים און הענגט האריזאנטאל, דרעהט זיך אין א קרייז-בעוועגונג. אויף איין ענד איז ארויפגעשטעקט א ברענענדעס ליכט און אויף דעם צווייטען — אן עפּעל. דער שפּיעלער דארף כאפּען דעם עפּעל מיט'ן מויל.

snap'dragon *n.* (סנעפּ'-דרעג-אן) דאס לייבען-מויל [א מין דרום-אייראפּעאישעם זעהר הויכעם גראז מיט ווייסע און רויטליכע בליהונגען]; א ספּארט וואס בעשטעהט אין ארויסכאפּען מיט די פינגער ראזשינקעס פון ברענענדען בראנפען און אויפעסען זיי; אזא ארט צווייגעל וואס גלאז-מאכער בענוצען.

snap'hance *n.* (סנעפּ'-הענס) א פּרוזשינע-שלאס פון א ביקס אדער פּיסטאלעט; אן אלטפּרענקישע ביקס, וועלכע פלעגט אויסשיסען דורך דעם קלאפּ פון א שטיקעל שטאהל אן קרעמען [אזא הארטער שטיין].

snap'-head *n.* (סנעפּ'-העד) א געצייג צו פערראנדען די קעפּלעך פון די ניעט-נעגעל ביים ניעטען; א רונדעס קעפּעל פון א ניעט, שפּילקע אדער שטיפט.

snap'-hook *n.* (סנעפּ'-הוק) א קרוק אדער האקען, וואס פערמאכט זיך.



Snap-hook

snap'-link *n.* (סנעפּ'-לינק) אן אפענער

קייטען־רינג, וואס פערשליסט זיך דורך א צינגעל.

Snap-link

snap'-lock *n.* (סנעפּ'-לאַק) א פעדער־שלאָס [א שלאָס וואס פערשליסט זיך אהן א שליסעל].

snap off (סנעפּ אָף) אבברעכען, אבבייסען; פלוצלונג אנפאלען מיט שארפע רייד אדער זידעל־ווערטער.

snap'per *n.* (סנעפּ'-ער) א כאַפּער, א גנב; א שאכטעל צוקערקעס מיט א פייער־ווערק וואס עקספּלאָדירט ביים עפנען דאס שאכטעל; א קנאַקענדע זאַך ביים ענד פון א בייטש; א שארפער וויץ; א פייער־ווערק; א קנאַקענדער אינזעקט; אזא טשערעפּאַכע וואס קנאַקט מיט'ן קאָפּ ביים בעוועגען זיך; איינער פון פערשיעדענע זאַרטען פיש [ווי דער בלוי־פיש, דער רויט־פיש א. ז. וו.]; דער פליענגען־כאַפּער [אזא פויגעל]; א קאַסטאַנעט, א טאַנץ־קלאַפּער [ז. *castanet*].

snap'ping-tur'tle *n.* (סנעפּ'-אינג-טויר'טל) דער אליגאַטאַר־שילדקראָט [א מין גרויסע טשערעפּאַכע, וועלכע קנאַקט מיט די קינבאַקען ביים כאַפּען דאס רויב].

Snapping-turtle

snap'pish *a.* (סנעפּ'-איש) בייסענד; מיט א שארפען ענטפער; בייז, ברוגז'דיג, אנגעבלאָזען.

snap'pishly *adv.* (סנעפּ'-איש-לי) מיט צאָרן, ברוגז'דיג, אנגעבלאָזען.

snap'pishness *n.* (סנעפּ'-איש-נעס) בייסיגקייט; בייזקייט; שלאַנפערטיגקייט.

snap'py *a.* (סנעפּ'-אי) לעבעדיג, ריה־רעווריג, אויפטהועריש.

snap'-shot *n. and a.* (סנעפּ'-שאָט) מאָמענט־פאָטאָגראַפיע, דאס ארונטערנעהמען אן אויגענבליקליכעס פאָטאָגראַפישעס בילד מיט א קליינעם האַנד־אַפּאַראַט; וואס איז שייך אדער וואס איז צוגעפּאַסט צו מאָמענט־פאָטאָגראַפיע; דורכגעפיהרט אדער געמאַכט שנעל אין איין אויגענבליק.

snap shot (סנעפּ שאָט) א שנעל־שאָס [ניט געציעלטערהייד]; א פאָטאָגראַפישע מאָמענט־אויפנאַהמע.

snare *n. and v.* (סנעהר) א נעץ; א שנירעל אדער פאָדים מיט א שלייף אדער פעטליע [צו כאַפּען פויגעל]; דאס וואס דיענט עפּעס אריינצוכאַפּען, א פּאַסטקע; איינע פון די סטרונעס, וועלכע ציהען זיך איבער דעם אונטערשטען דעק פון א קליינער מיליטערישער פּויק; אין כירורגיע — א דינער דראָט מיט א שלייף ארונטערצונעהמען א געשוויר אדער בלעזעל פון לייב; כאַפּען מיט א פעטליע [ווי א פויגעל]; אריינכאַפּען אין א פּאַסטקע.

snare'-drum *n.* (סנעהר'-דראַם) ז. *side-drum*.

snar'er *n.* (סנעהר'-ער) איינער וואס לעגט א נעץ אדער פּאַסטקע צו כאַפּען פויגעל אדער חיות.

snarl *v. and n.* (סנאַרל) מורמלען, וואָרטשען; ברומען; זיין בייז; זיך בייזערען; פערפּלאָנטערען, אויסמישען; מאַכען א מישמאַש; בעציערען די אויסערע זייט פון א כלי דורך אויסקלאַפּען פיגורען פון דער אינערער זייט; דאס וואָרטשען, דאס ברומען; א פּלאָנטער; א געמיש; א פערפּלאָנטערטע לאַגע; א פערלעגענהייט; א צוזאַמענשטויס, א קריעג; א גוז אדער סענק [אין האָלץ].

snar'ler *n.* (סנאַר'-לער) א וואָרטשון; א בייזער מענש; איינער וואס בעציערט מעטאַלענע כלים אויסשלאָגענדיג פיגורען פון דער אינערער זייט.

snar'ling *a.* (סנאַר'-לינג) וואָרטשענד, ברומענד.

snar'ling-i'ron *n.* (סנאַר'-לינג-אי'-ערן) אן אינסטרומענט אויסצושלאָגען פיגורען פון אינווענייג אין מעטאַלענע כלים.

snar'ling-tool *n.* (סנאַר'-לינג-טוהל) ז. *snarling-iron*.

snatch *v. and n.* (סנעטש) כאַפּען, צוכאַפּען; א כאַפּ טהאָן; אוועקכאַפּען; אנגרייפען; א כאַפּ; אן אנגריף; אן אוועקגעכאַפּטעס שטיק; א שטיקעל; א ביסעל; א געכאַפּטער ביסען, א ביסען וואס מען כאַפּט אריין אין איילעניש; א ווערטהלאָזע בעמערקונג, אן ענטפער ניט צום פּונקט.

snatch'-block *n.* (סנעטש'-בלאָק) א פוס־בלאָק, א קינבאַקס־בלאָק [א בלאָק פון א שיף וואס האָט אן עפנונג אין איין זייט אריינצולעגען די שטריק].



Snatch-block

snatch'er *n.* (סנעטש'-ער) א כאַפּער, א צוכאַפּער, אן אוועקכאַפּער; א רויבער; א רויב־פויגעל.

snatch'es of pleas'ure (סנעטש'-עז אָוו פּלעזש'-אור) שנעל אריבערגעהענדע פערגניגענס אדער פריידען.

snatch'ingly *adv.* (סנעטש'-אינג-לי) כאַפּענדיג; מיט שנעלקייט, מיט האַסט, אונרעגעלמעסיג.

snatch up (סנעטש אַפּ) אויפכאַפּען.

snatch'y *a.* (סנעטש'-אי) כאַפּענדיג; האַסטיג; אונרעגעלמעסיג, אונגלייכפערמיג; וואס האַלט לאַנג ניט אן.

snath *n.* (סנעטה) דאס געבויגענע הענטעל פון א קאָסע.

snathe *n. and v.* (סנייטה) דאס געבויגענע הענטעל פון א קאָסע; שניידען; ארומשניידען; ארומהאַקען.

snead *v. and n.* (סניעד) שניידען; ארומשניידען, ארומהאַקען; א שטיקעל; א ביסען, א פּעניצעל.

sneak *v. and n.* (סניעק) אריינקריכען ווי א גנב, זיך אונטער'גנב'ענען אין דער שטיל; זיך אויפפיהרען קנעכטיש; קריכען אדער זיך ערנידריגען פאַר אימעצען; גנב'ענען; א געמיינער יונג, א פּאַרלעץ; א געמיינער פּייגלינג; א קריכער, אן אונטערלעקער; א געמיינער גנב.

sneak away' (סניעק ע-הוויי') זיך אוועק'גנב'ענען.

sneak'-boat *n.* (סניעק'-באָוט) א קליין געדעקט שיפעל וואס ווערט בענוצט צו פאַנגען וואַסער־פויגעל.

snea'ker *n.* (סניע'-קער) א קריכער; א קנעכטישע נשמה; א פּייגלינג; א פּונשבעכער.

snea'kiness *n.* (סניע'-קי-נעס) ז. *sneakingness*.

snea'king *a.* (סניע'-קינג) קריכענד, נידריג; קנעכטיש, געמיין, פּייג; געהיים, פער'גנב'עט.

snea'kingly *adv.* (סניע'-קינג-לי) אויף א קריכענדען אדער קנעכטישען אופן; בגנבה; געמיין, פּייג.

snea'kingness *n.* (סניע'-קינג-נעס) דאס זיין קריכעריש אדער קנעכטיש; געמיינהייט, פּייגהייט, נידריגקייט.

sneaks'by *n.* (סניעקס'-בי) א געמיינער לומפּיגער יונג; א קריכער, א קנעכטישע נשמה.

sneak'-thief *n.* (סניעק'-טהיעף) א גנב וואס גנב'עט זיך אריין דורך אָפענע טהירען אדער פענסטער.

snea'ky *a.* (סניע'-קי) קריכעריש, נידריג, קנעכטיש; געמיין, פּייג.

snee *n.* (סניע) א מעסער.

sneer *v. and n.* (סניער) שפּאַטען, חוזק מאַכען; אבלאַכען; שפּאָט, חוזק.

sneer'er *n.* (סניער'-ער) א שפּאָטער; אן אבלאַכער, אן אבשפּאָטער, א חוזק־מאַכער.

sneer'ful *a.* (סניער'-פול) שפּאָטיש.

sneer'ingly *adv.* (סניער'-אינג-לי) אבלאַכענדיג; אבשפּאָטענדיג; אויף א שפּאָטישען אופן; מאַכענדיג חוזק.

sneeze *v. and n.* (סניעז) ניסען; דאס ניסען; א נאָס.

sneeze at (סניעז עט) פעראַכטען, זיך בעציהען מיט פעראַכטונג.

sneeze'-horn *n.* (סניעז'-האָהרן) א שמעק־טאַבאַק פּושקע וואס איז געמאַכט פון א האָרן.

snee'zer *n.* (סניע'-זער) איינער וואס ניסט; א שמעק־טאַבאַק פּושקע.

sneeze'weed *n.* (סניעז'-הוויעד) די ניס־פּלאַנצע [אזא גיפטיגע פּלאַנצע וואס איהרע בלעטער און בלומען זיינען בעדעקט מיט אזא שטויב, פון וועלכען מען ניסט].

snee'zing *n.* (סניע'-זינג) דאס ניסען.

snee'zing-pow'der *n.* (סניע'-זינג-פּאַו'-דער) ניס־פּולווער; שמעק־טאַבאַק.

snell *n. and v.* (סנעל) א שטיקעל קישקע אדער ים־גראָז מיט וואס מען בינדט אן א האַטשעק [אנגעל] צו א ווענטקע; צובינדען [א האַטשעק] צו א שנירעל אדער צו א קישקע.

snick *n. and v.* (סניק) אין קריקעט־שפּיעל — א זעהר לייכטער קלאַפּ אן באַל, דאס ער ריהרט זיך קוים פון אָרט; א קליינער שניט; א קניפּעל פון א פאָדים; שניידען, האַקען.

snick and snee (סניק ענד סניע) א קאַמפּף מיט מעסערס; א מאַטראָזען־מעסער.

snick'-a-snee' *n.* (סניק'-ע-סניע') ז. *snick and snee*.

snick'er *v. and n.* (סניק'-ער) לאַכען האַלב־איינגעהאַלטען; כיכיקען, נאַריש לאַכען; זאָגען עטוואָס מיט א האַלב־איינגעהאַלטענעם געלעכטער; א נאַרישער געלעכטער, א כיכיקעריי.

snick'ersnee *n.* (סניק'-ער-סניע) ז. *snick and snee*.

snide *a. and n.* (סנאַיד) איבערגעשפּיצט, שווינדלעריש, ליגנעריש, בעטריגעריש; פאַלש; א שווינדלער, א בעטריגער; א שווינדעל, א בעטרוג.

sniff *v. and n.* (סניף) סאַפּען מיט דער נאָז; אָטעמען מיט דער נאָז; שטאַרק ציהען מיט די נאָז־לעכער; שמעקען; ציהען מיט די נאָז־לעכער אלס א ציי־

כען פון פערעכטונג; א סאפען מיט דער נאז; דאס ציהען מיט די נאז־לעכער; א שמעק מיט דער נאז; א שמעק.

sniff about' (סניף ע־באוט) ארומניוכען, ארומשפיאנירען.

snif'fle *v. and n.* (סניפל) ז. *snuffle*.

sniff'y *a.* (סניפ׳־אי) פערעכטליך, פול מיט פערעכטונג.

snift *v. and n.* (סניפט) שטארק ציהען מיט די נאז־לעכער, ציהען מיט דער נאז; ציהען פערעכטליך מיט דער נאז; אבשנייצען [דעם קנויט פון א ליכט]; א לייכטער שנעע.

snif'ter *n.* (סניפ׳־טער) א סאפען מיט דער נאז; א שנאפסעל; א שטארקער שטורם־ווינד, א זאווערוכע.

snif'ters *n.* (סניפ׳־טערז) א נאז־פערשטאפונג פון קאטאר.

snif'ting-valve *n.* (סניפ׳־טינג־וועלוו) א שנאר־ווענטיל, א שנאר־קלאפע [א ווענטיל אדער קלאפע אין א צילינדער פון א דאמפף־מאשין ארויסצולאזען אדער אריינצולאזען לופט. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם שנארענדען גערויש וואס ער מאכט].

snif'ty *a.* (סניפ׳־טי) שמעקעדיג, וואס האט אן אנגענעהמען ריח.

snig *v. and n.* (סניג) האקען, שניידען; בייסען; גריזשען; אן אאל, א ווינגע [אזא שלאנגען־פערמיגער פיש].

snig'ger *v. and n.* (סניג׳־ער) ז. *snicker*.

snig'gle *v. and n.* (סניגל) פישען ווינגעס [אאלען] דורך דעם וואס מען ווארפט אריין די ווענטקע אין זייער בעהאלטונגס־ארט; כאפען א ווינגע [אאל] דורך אריינווארפען די ווענטקע אין איהר בעהאלטונגס־ארט; כאפען, פאנגען אין נעז; א כיכיקעריי, א כארכעלדיגער געלעכטער.

snip *v. and n.* (סניפ) אבשערען; איינשניידען, איינשערען; אויסשניידען, אויסשערען; גנב׳ענען דורך אבשערען; א שניט, א שניט מיט א שער; אן אבגעשארענעס שטיקעל; א שניצעל; א קליין שטיקעל; א חלק, א טייל; א שניידער.

snipe *n. and v.* (סנאיפ) א שנעפפע [אזא פויגעל מיט א לאנגען גראדען שנאבעל און מיט לאנגע פיס]; א שוטה, א דומער יונג; א האלב־אבגערויכערטער ציגאר וואס מען געפינט אין גאס; א שארפער ענטפער; נעהן אויף יאגד אויף שנעפפען.



Snipe

snipe'-bill *n.* (סנאיפ׳־ביל) א קארניז־הובעל, א געזימס־הובעל.

snipe'-eel *n.* (סנאיפ׳־איעל) אזא לאנגער דינער פיש עהנליך צו אן אאל [ווינגע] מיט א לאנגען שנאבעל־עהנליכען מויל, וואס געפינט זיך אין די טיפע ערטער פון ים.

snipe'-fish *n.* (סנאיפ׳־פיש) דער שנעפפען־פיש [אזא ים־פיש מיט א לאנגען שנאבעל־פערמיגען מויל].

snip'per *n.* (סניפ׳־ער) אן אויסשערער, אן אויסשניידער; א שניידער.

snip'pers *n.* (סניפ׳־ערז) א שער.

snip'per-snap'per *n.* (סניפ׳־ער־סנעפ׳־ער) א קליין מענשעלע.

snip'pet *n.* (סניפ׳־עט) א שטיקעלע.

snip'petiness *n.* (סניפ׳־עט־אי־נעס) דאס זיין זעהר קליין אדער אונבעדייטענד; צוברעקעלטקייט, צופיצעלטקייט.

snip'pety *a.* (סניפ׳־עט־אי) גאנץ קליין, אונבעדייטענד; צוברעקעלט, צופיצעלט.

snip'ping *n.* (סניפ׳־אינג) א שניצעל, א שטיקעל וואס איז אבגעשארען אדער אבגעשניטען.

snip'py *a.* (סניפ׳־אי) צופיצעלט, צוברעקעלט; גייציג, קארג.

snips *n.* (סניפס) אזא קליינע שער צום שניידען בלעך.



Snips

snip'-snap *n.* (סניפ׳־סנעפ) א שנעלער ווארט־וועקסעל, א שארפער דיאלאג [צווייגעשפרעך] מיט גיכע ענטפערס.

sni'py *a.* (סנאי׳־פי) עהנליך צו א שנעפפע, וואס האט א לאנגע שפיציגע נאז וואס איז עהנליך צו דעם שנאבעל פון א שנעפפע. ז. *snipe*.

snirt *n.* (סנוירט) א פערשטיקטער געלעכטער.

snir'tle *v.* (סנוירטל) לאכען מיט א פערשטיקטען געלעכטער.

snite *v.* (סנאיט) שנייצען [די נאז]; אבשנייצען א ליכט.

snithe *a.* (סנאיטה) שניידענד [וועגען א ווינד].

snith'y *a.* (סניטה׳־אי) ז. *snithe*.

sniv'el *n. and v.* (סניוול) שנארכעץ, סמארק [ליחה פון דער נאז]; אן אויסגעקוועטשטער געוויין, א געוויין מיט פאלשע טרעהרען; היפאקריטסטווע, צבוע׳צסטווע; זופען מיט דער נאז; זיך פערסמארקען; וויינען אדער שרייען ווי א קינד; וויינען מיט געמאכטע טרעהרען.

sniv'eler *n.* (סניוו׳ל־ער) א סמארקאטש, א וויינער, א שלוכצער; איינער וואס האט א שוואכקייט צום וויינען; איינער וואס מאכט זיך וויינענדיג.

sniv'eling *a.* (סניוו׳ל־אינג) סמארקאטע, וואס פערסמארקעט זיך; זופענדיג מיט דער נאז; גיסענדיג מיט טרעהרען ווי א קינד.

sniv'eller *n.* (סניוו׳ל־ער) ז. *sniveler*.

sniv'elling *a.* (סניוו׳ל־אינג) ז. *sniveling*.

sniv'elly *a.* (סניוו׳ל־אי) רינענדיג פון דער נאז, סמארקאטע; שלוכצענד, וויינענד.

snob *n.* (סנאב) א שוסטער; א שוסטער־געזעל; א פיליסטער [א פערזאן וואס בעזוכט ניט קיין אוניווערזיטעט]; א סטרייקברעכער, א "סקעב", איינער וואס ארבייט פאר א ביליגערען פרייז ווי אנדערע ארבייטער; א סנאב, איינער וואס מאכט דעם אנשטעל אדער קארטשעט פון זיך אן אריסטאקראט, א פראסטאק וואס טאנצט נאך דער העכערער געזעלשאפט.

snob'bery *n.* (סנאב׳־ער־אי) דאס מאכען דעם אנשטעל פון אן אריסטאקראט, דאס קארטשען פון זיך אן אריסטאקראט, דאס נאכטאנצען דער העכערער געזעלשאפט; די אויפפיהרונג פון פראסטאקעס וואס מאכען זיך פאר אריסטאקראטען.

snob'bish *a.* (סנאב׳־איש) ווי א סנאב, וואס קארטשעט פון זיך אן אריסטאקראט, וואס מאכט דעם אנשטעל פון אן אריסטאקראט; וואס טאנצט נאך דער העכערער געזעלשאפט.

snob'bishly *adv.* (סנאב׳־איש־לי) מעשה סנאב, נאכטאנצענדיג דער העכערער געזעלשאפט, קארטשענדיג פון זיך אן אריסטאקראט, מאכענדיג דעם אנשטעל פון אן אריסטאקראט.

snob'bishness *n.* (סנאב׳־איש־נעס) דער כאראקטער אדער די אויפפיהרונג פון א סנאב [א פראסטאק וואס קארטשעט פון זיך אן אריסטאקראט].

snob'bism *n.* (סנאב׳־איזם) סנאביזם, די אויפפיהרונג פון א סנאב. ז. *snobbishness*.

snob'by *a.* (סנאב׳־אי) ז. *snobbish*.

snob'ling *n.* (סנאב׳־לינג) א קליין מענשעלע וואס מאכט דעם אנשטעל פון אן אריסטאקראט.

snoboc'racy *n.* (סנאב־אק׳־רע־סי) סנאבאקראטיע, די הערשאפט פון פראסטאקעס וואס שפיעלען די ראלע פון אריסטאקראטען.

snood *n. and v.* (סנוהד) א האר־באנד אדער שטערען־באנד וואס יונגע מיידלעך טראגען; א שנירעל פון זייד אדער פון האר מיט וועלכער מען בעפעסטיגט דעם האטשעק [אנגעל] פון א ווענטקע; פערבינדען די האר מיט א האר־באנד אדער שטערען־באנד; צובינדען דעם האטשעק [אנגעל] צו דער ווענטקע.

snoo'ded *a.* (סנוה׳־דעד) וואס טראגט א האר־באנד אדער שטערען־באנד.

snook *v. and n.* (סנוהק) לויערען; אזא פיש.

snoop *v. and n.* (סנוהפ) אונטערקריכען ווי א גנב, קריכען בגנבה; איינער וואס קריכט אונטער בגנבה; א קריכער.

snoo'per *n.* (סנוה׳־פער) איינער וואס קריכט אונטער בגנבה; א קריכער.

snooze *v. and n.* (סנוהז) שלומערען, דרעמלען; א דרעמעל.

snoo'zer *n.* (סנוה׳־זער) איינער וואס דרעמעלט אדער שלומערט.

snoo'zle *v.* (סנוהזל) צוטוליען.

snore *v. and n.* (סנאור) כראפען אין שלאף; דאס כראפען; א כראפע.

snor'er *n.* (סנאור׳־ער) א כראפון, איינער וואס כראפעט בשעת ער שלאפט.

snort *v. and n.* (סנאהרט) פארסקען מיט דער נאז; סאפען הויך מיט דער נאז ווי א פערד; אויסברעכען אין א פערדישען געלעכטער, לאכען ווי א פערד הירזשעט; א פארסקע מיט דער נאז.

snor'ter *n.* (סנאהר׳־טער) איינער וואס כראפעט הויך; איינער וואס פארסקעט הויך מיט דער נאז; עפעס גוואלדיגעס אדער גרויסעס.

snor'ting *n.* (סנאהר׳־טינג) דאס פארסקען; דאס סאפען שטארק מיט דער נאז.

snot *n. and v.* (סנאט) שנארכעץ, סמארק, נאז־ליחה; א סמארקאטש; א געמיינער יונג; שנייצען די נאז.

snot'ter *n.* (סנאט׳־ער) דער רויטער טייל

פון אַן אינדיק'ס קאָפּ; אַזאַ מאַסט־שטריק אויף אַ שיף.

snot'tery *n.* (סנאָט'־ער־אי) שנאָרכעץ, סמאַרק, נאָז־ליחה; שמוץ.

snot'tily *adv.* (סנאָט'־אי־לי) אויף אַ שמוציגען אופן; סמאַרקאַטע, פערשנאָר־כעט.

snot'ty *a.* (סנאָט'־אי) סמאַרקאַטע, פער־שנאָרכעט, פערשמאַרכעט; שמוציג; גע־מיין; שפּאַטיש.

snot'ty-nosed *a.* (סנאָט'־אי־נאָוזד) מיט אַ פערשמאַרכעטער נאָז; פערשמאַר־כעט, סמאַרקאַטע.

snout *n. and v.* (סנאַוט) אַ שנוק, אַ שנויץ; אַ גרויסע נאָז; עטוואַס וואָס איז ענהליך צו אַ חזיר'שען שנוק; דער שנויץ אָדער ענד פון אַ רעהר; בעזאָרגען מיט אַ שנויץ.

snout'-bee'tle *n.* (סנאַוט'־ביע'טל) ז. ***curculio***

snou'ted *a.* (סנאַו'־טעד) מיט אַ שנוק, מיט אַ שנויץ.

snout'-ring *n.* (סנאַוט'־רינג) אַ רינג וואָס ווערט דורכגעצויגען דורך דעם שנוק פון אַ חזיר, אַז ער זאָל ניט ריהען די ערד.

snou'ty *a.* (סנאַו'־טי) ענהליך צו אַ שנוק אָדער צו אַ שנויץ; שנויץ־פֿערמיג; מיט אַ לאַנגער נאָז.

snow *n. and v.* (סנאָו) שנעע; אַ שנעע־שטורם; אַ שנעע־פֿאַל; אַ ווינטער; אַ שנאָו־שיף [אַזאַ צוויי־מאַסטיגע שיף]; עטוואַס וואָס איז ענהליך צו שנעע; שנעען; בעשנעען, פערשנעען.

Snow

snow'-ap'ple *n.* (סנאָו'־עפּ'ל) אַ שנעע־עפּעל [אַזאַ עפּעל וואָס איז אינוועניג זעהר ווייס].

snow'ball *n. and v.* (סנאָו'־באָהל) אַ שנעע־קויל, אַ שנעע־באַל, אַ סנאָזשקע; די שנעע־באַל פּלאַנצע, די שנעע־רויז [אַזאַ פּלאַנצע מיט גרויסע ווייסע רונדע בלי־הונגען ענהליך צו אַ שנעע־באַל]; אַ פּו־דינג געמאַכט פון רייז וואָס איז געוויקעלט אין מילך; בעוואַרפען מיט שנעע־קוילען; וואַרפען שנעע־קוילען.

snow'ball-tree *n.* (סנאָו'־באָהל־טריע) די שנעע־באַל פּלאַנצע ז. ***snowball***

snow'berry *n.* (סנאָו'־בער־אי) דאָס שנעע־יאַגדע בוימעל [אַזאַ בוימעל אויף וועלכען עס וואַקסען שנעע־ווייסע יאַגדעס, וועלכע ווערען רייף אין הערבסט]; די שנעע־יאַגדע.

snow'bird *n.* (סנאָו'־בוירד) אַ שנעע־פֿויגעל [אַ פֿויגעל וואָס לעבט אין די קאַלטע געגענדען].

snow'-blind *a.* (סנאָו'־בלאַינד) שנעע־בלינד. ז. ***snow-blindness***

snow'-blind'ness *n.* (סנאָו'־בלאַינד'־נעס) שנעע־בלינדקייט [אַן אויגען־קראַנק־הייט וואָס בעשטעהט אין דעם, דאָס מען קען ניט קוקען אויף שנעע].

snow'-blink *n.* (סנאָו'־בלינק) דער אָב־גלאַנץ פון שנעע־פֿעלדער אָדער אייז־שטרע־קען.

snow'-boot *n* (סנאָו'־בוהט) אַ שנעע־שוך, אַ שנעע־שטיוועל [צום בעשיצען די פֿיס פון דער פֿייכטקייט פון שנעע].

snow'-bound *a.* (סנאָו'־באַונד) איינגע־שנעעט, פערשאָטען מיט שנעע.

snow'break *n.* (סנאָו'־ברייק) דאָס שמעלצען פון שנעע.

snow'-broth *n.* (סנאָו'־בראָהטה) שנעע־וואַסער, געשמאָלצענער שנעע; אַן אייז־קאַלטער געטראַנק.

snow'-bun'ting *n.* (סנאָו'־באַנ'־טינג) דער שנעע־אַמער, דער שנעע־פֿויגעל [אַזאַ פֿויגעל וואָס געפינט זיך אין די קאַלטע געגענדען].

Snow-bunting

snow'bush *n.* (סנאָו'־בוש) דאָס שנעע־בוימעל [אַ בוימעל אויף וועלכען עס וואַקסען שנעע־ווייסע בלומען].

snow'cap *n.* (סנאָו'־קעפּ) דער שנעע־קאָפּ [אַזאַ פֿויגעלע מיט אַ שנעע־ווייסען קאָפּ].

snow'-capped *a.* (סנאָו'־קעפּט) בע־דעקט מיט שנעע.

snow'-drift *n.* (סנאָו'־דריפֿט) אַ שנעע־זאַווערוכע, שנעע וואָס ווערט געטריבען פון ווינד; אַ באַרג פון אנגעטריבענעם שנעע.

snow'drop *n.* (סנאָו'־דראָפּ) דאָס שנעע־גלעקעל [אַזאַ וואַלד־בלימעל וואָס וואַקסט אַרויס אין אנפאַנג פריהלינג].



Snowdrop

snow'-ea'ter *n.* (סנאָו' – איע'־טער) אַ טרוקענער וואַרע־מער וועסט־ווינד וואָס פערניכטעט שנעל דעם שנעע.

snow'-eyes *n.* (סנאָו'־איז) שנעע־ברי־לען [אַזעלכע ברילען פון גאַנץ לייכטען האָלץ מיט אַ קליינעם שפּאַלט פֿאַר די אויגען וואָס די עסקימאָסען טראָגען זיך צו שיצען פון שנעע־בלינדקייט].

snow'fall *n.* (סנאָו'־פֿאָהל) אַ שנעעפֿאַל; די מאַסע שנעע וואָס ווערט אנגעשנעעט אין אַ בעשטימטער צייט.

snow'-fed *a.* (סנאָו'־פֿעד) גענעהרט פון געשמאָלצענעם שנעע, פֿול מיט צו־שמאָלצענעם שנעע [וועגען טייכען].

snow'-field *n.* (סנאָו'־פֿיעלד) אַ שנעע־פֿעלד [אַ שטיק לאַנד וואָס איז בעדעקט מיט אַ בעשטענדיגען שנעע, ווי אין די געגענדען פון נאָרד־פּאָל].

snow'-finch *n.* (סנאָו'־פֿינטש) אַ שנעע־פֿינק [אַזאַ פֿויגעל וואָס געפינט זיך אין קאַלטע געגענדען].

snow'flake *n.* (סנאָו'־פֿלייק) אַ שנעע־פֿלאָק, אַ שנעעלע.

snow'-flood *n.* (סנאָו'־פֿלאַד) אַ פֿער־פֿלייצונג פון געשמאָלצענעם שנעע.

snow'flower *n.* (סנאָו'־פֿלאַו־ער) ז. ***snowdrop***

snow'fowl *n.* (סנאָו'־פֿאַול) ז. ***snow-bunting***

snow'-gog'gle *n.* (סנאָו'־גאָג'ל) ז. ***snow-eyes***

snow'-goose *n.* (סנאָו'־גוהס) אַ שנעע־גאַנז [אַזאַ זאַרט ווייסע גאַנז].

snow'-grouse *n.* (סנאָו'־גראַוס) ז. ***ptarmigan***

snow'-hut *n.* (סנאָו'־האַט) אַ שנעע־ביידעל [אַ רונדעס ביידעל אויסגעבויט פון פּלאַכטעס שנעע, ווי ביי די עסקימאָסען].

Snow-huts

snow'-ice *n.* (סנאָו'־אַיס) שנעע־אייז [שנעע וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אייז].

snow'ily *adv.* (סנאָו'־אי־לי) מיט שנעע, אַזוי ווי שנעע.

snow'iness *n.* (סנאָו'־אי־נעס) שנעע־ווייסקייט; שנעעאיגקייט.

snow'ish *a.* (סנאָו'־איש) שנעעאיג, שנעע־ווייס, ענהליך צו שנעע.

snow'-leop'ard *n.* (סנאָו'־לעפּ'־ארד) דער שנעע־לעמפּערט, די אונצע [אַזאַ לעמפּערט]. ז. ***ounce***

snow'less *a.* (סנאָו'־לעס) אָהן שנעע, שנעעלאָז.

snow'-light *n.* (סנאָו'־לאַיט) ז. ***snow-blink***

snow'like *a.* (סנאָו'־לאַיק) ענהליך צו שנעע, ווייס ווי שנעע.

snow'-line *n.* (סנאָו'־לאַין) די שנעע־ליניע אָדער די שנעע־גרענעץ פון אַ באַרג וואָס איז אימער בעדעקט מיט שנעע.

snow'-plow *n.* (סנאָו'־פּלאַו) אַ מאַשין וואָס ריינינגט אָב דעם שנעע פון גאַסען, פון אייזענבאַהן־רעלסען א. ד. ג.

snow'-shoe *n. and v.* (סנאָו'־שוה) אַ שנעע־שוך [אַזאַ ברייטער פּלאַכער הילצערנער שוך וואָס ווערט בענוצט צו געהן אין ערטער וואו דער שנעע איז טיעף, כדי די פֿיס זאָלען ניט זינקען]; געהן מיט שנעע־שיך.

snow'-sho'er *n.* (סנאָו'־שוה'־ער) איי־נער וואָס געהט מיט שנעע־שיך.

snow'-shov'el *n.* (סנאָו'־שאַוו'ל) אַ שנעע־לאָפּעטע, אַ שנעע־רידעל [צום שאַ־רען שנעע].

snow'-skate *n.* (סנאָו'־סקייט) אַ שנעע־שליט־שוה [זיך צו גליטשען איבער גע־פֿראָרענעם שנעע].

snow'-slide *n.* (סנאָו'־סלאַיד) אַ שנעע־מאַסע וואָס גליטשט זיך אַראָב פון אַ דאַך אָדער פון אַ באַרג.

snow'-slip *n.* (סנאָו'־סליפּ) ז. ***snow-slide***

snow'-storm *n.* (סנאָו'־סטאָהרם) אַ שנעע־שטורם, אַ שנעע־זאַווערוכע.

snow'-swee'per *n.* (סנאָו'־סוויע'־פּער) אַן אַפּאַראַט צום קעהרען שנעע.

snow'-track *n.* (סנאָו'־טרעק) אַן אויס־געטרעטענע שפּור פון פֿיס אין שנעע; אַן אויסגעטרעטענער וועג אין שנעע.

snow'-wa'ter *n.* (סנאָו'־וואָה־טער) שנעע־וואַסער, געשמאָלצענער שנעע.

snow'-white *a.* (סנאו'-הוואיט) שנעע=ווייס, ווייס ווי שנעע.

snow'y *a.* (סנאו'-אי) פול מיט שנעע, בעדעקט מיט שנעע; ווייס ווי שנעע, שנעע=ווייס, ריין, ניט בעפלעקט.

snub *v., n. and a.* (סנאב) אבשטעלען, אבהאלטען, איינהאלטען, פערהאלטען; קורץ און שארף אב'פטר'ען; אבזידלען; גראב צוריקווייזען, שארף אדער סארקאסטיש אבענטפערען; א סוק אין האלץ; א קורנאסע נאז, א ברייטע ארויפגעריסענע נאז; א גראבע צוריקווייזונג, א קורצע אב'פטר'ונג, א שארפע אדער גראבע אבענטפערונג; א פלעצליכע איינהאלטונג פון א לויפענדען שטריק אדער קייט; א סלופ ביי א טייך צוצובינדען א שיף אדער פליט; קורנאסע, ברייט און אויפגעריסען [וועגען א נאז].

snub'ber *n.* (סנאב'-ער) א פארריכטונג צו פערהאלטען א שיפס=שטריק.

snub'bing-post *n.* (סנאב'-אינג-פאוסט) א סלופ צוצובינדען א פערד, א שיף א. ז. וו.

snub'bish *a.* (סנאב'-איש) צוריקהאלטענד, פערהאלטענד, אונטערדריקענד.

snub'by *a.* (סנאב'-אי) שטומפיג, קורץ אדער פלאך.

snub'-nosed *a.* (סנאב'-נאוזד) קורנאסע, וואס האט א קורצע, פלאכע און ארויפגעריסענע נאז.

snub'-post *n.* (סנאב'-פאוסט) ז. *snubbing-post*.

snuff *v. and n.* (סנאף) שמעקען; אטעמען מיט דער נאז; אריינציהען מיט דער נאז; בעשמעקען; שפירען מיט דער נאז; ציהען מיט דער נאז [אלס א צייכען פון אויפרעגונג אדער פעראכטונג]; אבשנייצען א ליכט; א שמעק, א ציה מיט דער נאז; שמעק=טאבאק; שמעק=פולווער; ערגער, פערדרוס, אויפרעגונג אדער צארן וואס ווערט אויסגעדריקט דורך א ציהען מיט דער נאז; דער אבגעברענטער קנויט אדער שנויץ פון א ליכט אדער פון א לאמפ.

snuff'-box *n.* (סנאפ'-באקס) א טאבא=קערקע, א טאבאק=פושקע.

snuff'-col'or *n.* (סנאפ'-קאל'-אר) א געלב=ברוינער קאליר [ווי פון שמעק=טאבאק].

snuff'-dip'ping *n.* (סנאפ'-דיפ'-אינג) דאס רייבען די ציינער און די יאסלעס מיט שמעק=טאבאק [ווי עס ווערט געטהאן פון פרויען אין די זידליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

snuff'-dish *n.* (סנאפ'-דיש) אזא טעלער צו האלטען שמעק=טאבאק; א כלי, אין וועלכער מעןווארפט אריין די אבגעברענטע קנויטען פון לאמפען אדער פון ליכט; אזא כלי אין וועלכער מען האלט ליכט=אבשנייצער.

snuff'er *n.* (סנאפ'-ער) א שמעקער; א טאבאק=שמעקער; א ים=חזיר, א הערינג=שוויין [ז. *porpoise*].

snuff'ers *n.* (סנאפ'-ערז) א ליכט=אבשנייצער [אזא צווייענגעל אבצושנייצען ליכט].

snuff'er-tray *n.* (סנאפ'-ער-טריי) אזא קעסטעלע אדער כלי צו האלטען ליכט=אבשנייצערס.

snuff'iness *n.* (סנאפ'-אי-נעס) דאס אויסזעהן ווי שמעק=טאבאק; דער ריח פון שמעק=טאבאק; דאס בעליידיגט זיין; פערדריסליכקייט, ערגערניס.

snuf'fle *v. and n.* (סנאפל) שנויפלען, ריידען אונטער דער נאז; ציהען דעם אטעם דורך א פערשטאפטער נאז; בעליידיגען; דאס שנויפלען, דאס ריידען אונטער דער נאז; דאס ציהען דעם אטעם דורך א פערשטאפטער נאז.

snuf'fler *n.* (סנאפ'-לער) א שנויפלער, איינער וואס רעדט אונטער דער נאז; א כלומר'שדיגער פרומאק.

snuf'fles *n.* (סנאפלז) פערשטאפטקייט פון דער נאז [שווערקייט ארויסצושנייצען די ליחה].

snuf'flingly *adv.* (סנאפ'-לינג-לי) שנויפלענדיג, ריידענדיג אונטער דער נאז; מעשה כלומר'שדיגער פרומאק; היפאקריטיש, מעשה צבוע'ק.

snuff'man *n.* (סנאפ'-מען) א שמעק=טאבאק פערקויפער.

snuff'-mill *n.* (סנאפ'-מיל) א שמעק=טאבאק פאבריק, א מאשין צו מאהלען שמעק=טאבאק.

snuff out (סנאף אוט) אויסלעשען; מאכען פלעצליך א סוף.

The automobile ran over the child and snuffed out its life.

snuff'-ta'ker *n.* (סנאפ'-טיי'-קער) א טאבאק=שמעקער.

snuff'-ta'king *n.* (סנאפ'-טיי'-קינג) דאס שמעקען טאבאק.

snuff'y *a.* (סנאפ'-אי) ווי שמעק=טאבאק, וואס האט דעם ריח אדער דעם קאליר פון שמעק=טאבאק; פערפלעקט מיט שמעק=טאבאק; ערגערליך, פערדריסליך.

snug *a., adv., n. and v.* (סנאג) צוגעטוליעט; בעקוועם; וואס ליעגט בעקוועם צום לייב [ניט גאר לויז און ניט גאר פעסט]; אנגענעהם און געמיטליך; בעהאלטען און פערבארגען; וואס איז אין געהיים; אן ארויסשטארצונג אין א מאשין וואס פערהאלט וועלכען עס איז מאשינען=טייל פון בעוועגונג; זיך צוטוליען; ליעגען צוגעטוליעט, ליעגען בעקוועם; אבורייבען אדער מאכען גלאט; אוועקלעגען אין א בעקוועמער לאגע; צוטוליען, צודריקען.

snug'ger *n.* (סנאג'-ער) א פארריכטונג צו מאכען אז פאדים זאלען זיין גלאט און איבעראל גלייך דיק.

snug'gery *n.* (סנאג'-ער-אי) אן אנגענעהמער, געמיטליכער און בעקוועמער ארט אדער צימער.

snug'gle *v.* (סנאגל) זיך צוטוליען; צוטוליען.

snug'ly *adv.* (סנאג'-לי) צוגעטוליעט; בעקוועם.

snug up (סנאג אפ) צוטוליען; מאכען בעקוועם; ברייגגען אין ארדנונג.

so *adv, c. and int.* (סאו) 1. אזוי, אט אזוי; אויף דיעזען אופן, אויף אזא שטייגער; 2. אלזא, בכן; 3. כדי; אבי; אויב; 4. אט אזוי! שטעה! האלט!

1. What he says is sure to be **so**. 2. I am content, **so** you are satisfied.

soak *v. and n.* (סאוק) איינ=נעצען, איינווייקען; איינזאפען, איינזויגען, איינציהען [א פליסיגקייט]; טרינקען, שכור'ען; פער'משכונ'ען; דורכנעצען; דורכגענעצט ווערען; פייכט ווערען; די איינווייקונג, די נעצונג; דאס, אין וואס עפעס ווערט גענעצט אדער איינגעווייקט; דאס טרינקען, א הוליאנקע, א טרינק=געזעלשאפט; עפעס וואס זויגט אין זיך איין.

soa'kage *n.* (סאו'-קעדזש) דאס איינזאפען; דאס וואס זויגט איין אדער זאפט איין; די מאסע פון פליסיגקייט וואס ווערט איינגעזאפט.

soaked through (סאוקט טהרוה) דורכגענעצט.

soa'ker *n.* (סאו'-קער) אן איינווייקער, א דורכווייקער, א דורכנעצער; א שוועכער, א זויפער, א שיכור.

soa'king *n.* (סאו'-קינג) דאס איינגעצען, דאס דורכנעצען; זויפעריי, שכרות.

soa'kingly *adv.* (סאו'-קינג-לי) איינזאפענדיג, דורכנעצענדיג; ביסלעכווייז, שטופענווייז.

so'-and-so *n.* (סאו'-ענד-סאו) 1. דער און דער, אזוינער און אזוינער; 2. דאס און דאס.

2. Was he wrong in doing so-and-so?

soap *n. and v.* (סאופ) זייף; גלאטע רייד, חניפה; אין פאליטישען זשארגאן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — געלד וואס ווערט אין געהיים געברויכט פאר פאליטישע צוועקען; זייפען, אנזייפען; ארויסטרעטען מיט גלאטע רייד, חנפ'ענען.

soap'-ash'es *n.* (סאופ'-עש'-עז) זייף=אש [אש וואס ענטהאלט לויג אדער פאטאש און ווערט בענוצט אין מאכען זייף].

soap'-balls *n.* (סאופ'-באהלז) רונדע שטיקלעך זייף; טואלעט=זייף.

soap'berry *n.* (סאופ'-בער-אי) די זייף=יאגדע, די פרוכט פון זייף=בוים [א דרום=אמעריקאנישער בוים, וועמעס פרוכט ענטהאלט אין זיך סאפאאין אדער זייף=שטאף און דיענט ביי די ארטיגע איינוואהנער אלס זייף]; דער זייף=בוים.

soap'-boi'ler *n.* (סאופ'-באי'-לער) א זייפען=מאכער; א קעסעל וואו עס קאכט זיך זייף.

soap'-boi'ling *n.* (סאופ'-באי'-לינג) דאס קאכען זייף.

soap'-bub'ble *n.* (סאופ'-באב'ל) א זייפען=בלאז.

soap'-ce'rate *n.* (סאופ'-סיע'-רייט) א זאלב וואס בעשטעהט פון זייף=פלאסטער, פון וואקס און פון בוימאויל.

soap'-earth *n.* (סאופ'-אוירטה) ז. *soapstone*.

soa'per *n.* (סאו'-פער) א זייף=מאכער; א זייף=הענדלער.

soap'-house *n.* (סאופ'-האוס) א זייף=פאבריק.

soap'less *a.* (סאופ'-לעס) אהן זייף; ניט געוואשען.

soap'-lin'iment *n.* (סאופ'-לינ'-אי-מענט) א שיטערע זאלב פון זייף, קאנפער, אויל, אלקאהאל און וואסער.

soap'-lock *n.* (סאופ'-לאק) א לאקען האר, וואס ווערט אנגעזייפט צו ליעגען גלאט אן א זייט פון קאפ.

soap'-ma'ker *n.* (סאופ'-מיי'-קער) א זייף=מאכער, א פאבריקאנט פון זייף.

soap'-ma'king *n.* (סאופ'-מיי'-קינג) די פאבריקאציאן פון זייף.

soap'-mill *n.* (סאופ'-מיל) א מאשין צו מאהלען אויסגעטריקענטע זייף און מאכען זייף=פולווער.

soap'nut *n.* (סאופ'-נאט) ז. *soapberry*.

soap'-pan *n.* (סאופ'-פען) אין די זייף=פאבריקען — אזא פאן אדער קעסעל, וואו עס קאכט זיך די זייף.

soap'-pow'der *n.* (סאופ'-פאו'-דער) זייף=פולווער.

soap'stone *n.* (סאופ'-סטאון) דער זייף=שטיין [א מין ווייכער שטיין].

soap'-suds' *n.* (סאופ'-סאדז') זייף=מוליענעס.

soap'-trade *n.* (סאופ'-טרייד) דער זייף=האנדעל.

soap'-tree *n.* (סאופ'-טריע) דער זייף=בוים. ז. *soapberry*.

soap′-works *n.* (סאופ׳-הווארקס) א זייף-פאבריק.

soap′wort *n.* (סאופ׳-הווירט) זייף-גראז [אזא גראז מיט העל-רויטע בליהונגען. ווען דער ווארצעל קאכט זיך אין וואסער, בעקומט זיך א מין זייף-וואסער, וואס טויג צו וואשען וועש].

Soapwort

soa′py *a.* (סאו׳-פי) זייפיג; ווי זייף; וואס איז בעשמירט מיט זייף; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר זייף; וואס איז שייך צו זייף; מיט גלאטע רייד, שמייכלעריש, חניפה׳דיג.

soar *v. and n.* (סאור) שוועבען אין דער לופט, ארויפפליהען, ארויפשוועבען; זיך דערהויבען; ארויפשטייגען אויף א הויכער מדרגה; א הויכער פליה, דאס שוועבען אין דער לופט.

soar′ingly *adv.* (סאור׳-אינג-לי) ארויפפליהענדיג; שוועבענדיג.

so as (סאו עז) אזוי אז...

sob *v. and n.* (סאב) כליפען, שלוכצען, וויינען כליפענדיג; א כליפען; א שלוכץ.

sob′bing *n.* (סאב׳-אינג) דאס כליפען, דאס שלוכצען, דאס וויינען [כליפענדיג].

sobe′it *c.* (סאו-בי׳-איט) אבי, ווען נאר.

so′ber *a. and v.* (סאו׳-בער) ניכטער; מעסיג, איינגעהאלטען; בעזאנען; קאלטבליטיג; ערנסטהאפט; רוהיג, געלאסען; איינפאך, בעשיידען; מאט, טונקעל, ניט גלענצענד [ווענען פארבען]; מאכען ניכטער, אויסניכטערען; מאכען ערנסט, ברייגען צום פערשטאנד; זיך אויסניכטערען; ווערען ניכטער; ווערען ערנסט, קומען צום פערשטאנד.

so′ber-blood′ed *a.* (סאו׳-בער-בלאד׳-עד) קאלטבליטיג, רוהיג, קאלט, געלאסען.

so′ber down (סאו׳-בער דאון) ניכטער מאכען; אויסניכטערען; זיך אויסניכטערען, ניכטער ווערען.

so′berize *v.* (סאו׳-בער-איז) אויסניכטערען; ניכטער מאכען; ניכטער ווערען.

so′berly *adv.* (סאו׳-בער-לי) אויף א ניכטערען, מעסיגען, איינגעהאלטענעם אדער בעזאנענעם שטייגער.

so′ber-min′ded *a.* (סאו׳-בער-מאינ׳-דעד) בעזאנען, רוהיג, געלאסען.

so′ber-min′dedness *n.* (סאו׳-בער-מאינ׳-דעד-נעס) בעזאנענהייט, רוהיגקייט, געלאסענקייט.

so′berness *n.* (סאו׳-בער-נעס) ז. ***sobriety***.

so′bersides *n.* (סאו׳-בער-סאידז) א געזעצטער, ערנסטער מענש [הומאריסטיש].

so′ber-sui′ted *a.* (סאו׳-בער-סיו׳-טעד) שווארץ געקליידעט, איינגעהילט אין שווארצע בגדים.

so′ber truth (סאו׳-בער טרוטה) דער פּשוט׳ער אמת.

so′bol *n.* (סאו׳-באל) [ז. ***sable***] א סויבעל; אין באטאניק — א ארויסשפראצונג פון ווארצעל.

so′bole *n.* (סאו׳-באול) ז. ***soboles***.

sob′oles *n.* (סאב׳-א-ליז) אין באטאניק — א ארויסשפראצונג פון ווארצעל.

sobolif′erous *a.* (סאב-א-ליפ׳-ע-ראס) אין באטאניק — וואס גיט ארויס יונגע ארויסשפראצונגען פון ווארצעל.

Sobran′je *n.* (סא-בראנ׳-יע) די סאבראניע, דער בולגארישער פארלאמענט.

sobri′ety *n.* (סא-בראי׳-ע-טי) ניכטערקייט; מעסיגקייט, איינגעהאלטענקייט; רוהיגקייט, געלאסענקייט; ערנסטהאפטיגקייט; בעשיידענהייט.

sobriquet′ *n.* (סאו-ברי-קיי׳) א ביינאמען, א צונעמעניש.

soc *n.* (סאק) ז. ***soke***.

soc′age *n.* (סאק׳-עדזש) די האלטונג פון לאנד אדער פון א פאכט פאר געוויסע דיענסטע צום פריץ.

soc′ager *n.* (סאק׳-עדזש-ער) איינער וואס איז פערבונדען צו דיענען דעם פריץ פאר די האלטונג פון לאנד אדער פון א פאכט.

so′-called *a.* (סאו׳-קאהלד) זאגענאנט, אזוי גערופען.

soc′cage *n.* (סאק׳-עדזש) ז. ***socage***.

soc′cager *n.* (סאק׳-עדזש-ער) ז. ***socager***.

soc′cer *n.* (סאק׳-ער) א ארט שפיעלען אין פוס-באל.

sociabil′ity *n.* (סאו-שיע-ביל׳-אי-טי) געזעליגקייט, דאס זיין גענייגט צו געזעלשאפט.

so′ciable *a. and n.* (סאו׳-שיעבל) געזעליג, וואס האט ליעב צו זיין אין געזעלשאפט; אנגענעהם אין געזעלשאפט; מיט וועלכען מען קען זיין חבר; אפען, אהן צערעמאניעס; וואס קען פעראייניגט ווערען; א מין אפענע פיער-זיציגע קארעטע; א קליינע געזעליגע פערזאמלונג; א דריי-רעדערדיגער וועלאסיפעד מיט צוויי זיצע; א סאפא אדער שטוהל אין דער פארם פון א *S* מיט צוויי זיצע.

so′ciableness *n.* (סאו׳-שיעבל-נעס) ז. ***sociability***.

so′ciably *adv.* (סאו׳-שיע-בלי) אויף א געזעליגען שטייגער; פאמיליאר, אהן צערעמאניעס.

so′cial *a.* (סאו׳-שעל) געזעלשאפטליך, סאציאל; געזעליג; וואס איז שייך צו געזעלשאפט.

so′cial democ′racy (סאו׳-שעל די-מאק׳-רע-סי) די סאציאל-דעמאקראטיע, די פרינציפען און שטרעבונגען פון די סאציאל-דעמאקראטען. ז. ***Social Democrat***.

So′cial Dem′ocrat (סאו׳-שעל דעמ׳-א-קרעט) א סאציאל-דעמאקראט, א מיטגליעד פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי [א סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע שטרעבט איבערצובויען די געזעלשאפט אזוי, אז דאס פריוואט-אייגענטום אויף די פראדוקציאנס-מיטלען, ווי לאנד, פאבריקען, אייזענבאהנען א. ז. וו., זאל אבגעשאפט ווערען און די גאנצע פראדוקציאן און פערטיילונג זאל רעגולירט און פערוואלטעט ווערען דורך׳ן פאלק אויף דעמאקראטישע יסודות. אויסער דיזען הויפט-ציעל שטעלט ארויס די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי א רייה פאדערונגען, וועלכע דיענען צו פערבעסערען די לאגע פון ארבייטער-קלאס אין איצטיגער צייט, ווי די פערקירצונג פון ארבייטס-טאג, די אבשאפונג פון קינדער-ארבייט, אבשאפונג פון מיליטער-דיענסט, פאלשטענדיגע פאליטישע פרייהייט א. ז. וו. די ערשטע סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי האט זיך געגרינדעט אין דייטשלאנד אין יאהר 1869, און איצט עקזיסטירען אזעלכע פארטייען כמעט אין אלע ציוויליזירטע לענדער].

so′cial-democrat′ic *a.* (סאו׳-שעל-דעמ-א-קרעט׳-איק) סאציאל-דעמאקראטיש, וואס איז שייך צו די סאציאל-דעמאקראטען. ז. ***Social Democrat***.

so′cial dynam′ics (סאו׳-שעל דאי-נעמ׳-איקס) סאציאלע דינאמיק, דער טייל פון סאציאלאגיע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט די בעדינגונגען וואס פעראורזאכען דעם וואוקס און די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

so′cial e′vil (*the*) (סאו׳-שעל איוול) די געזעלשאפטליכע פלאג, געשלעכטליכע אונמאראליטעט, פראסטיטוציאן.

socialisa′tion *n.* (סאו׳-שעל-אי-זיי׳-שאן) ז. ***socialization***.

so′cialise *v.* (סאו׳-שעל-איז) ז. ***socialize***.

so′cialism *n.* (סאו׳-שעל-איזם) סאציאליזם, די לעהרע וועגען דער נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט איבערצובויען די יעצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג אזוי, אז אלע פראדוקציאנס-מיטלען, ווי לאנד, פאבריקען, אייזענבאהנען א. ז. וו., זאלען ניט בעלאנגען צו איינצעלנע פערזאנען אלס זייער פריוואט-אייגענטום, נאר צו דער גאנצער געזעלשאפט, צום שטאאט און צו די געמיינדען.

so′cialism of the chair (סאו׳-שעל-איזם אוו טהי טשעהר) קאטעדער-סאציאליזם, א ריכטונג אין דער פאליטישער עקאנאמיע פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער, וועלכע פאדערט, אז דער שטאאט און די געזעצגעבונג דארפען זיך אריינמישען אין די עקאנאמישע בעציהונגען און בעזונדערס אין די בעציהונגען צווישען ארבייט און קאפיטאל.

so′cialist *n. and a.* (סאו׳-שעל-איסט) א סאציאליסט, א אנהענגער פון די סאציאליסטישע לעהרען און שטרעבונגען [ז. ***socialism***]; סאציאליסטיש, וואס איז שייך צו סאציאליזם אדער צו די סאציאליסטען.

socialis′tic *a.* (סאו-שע-ליס׳-טיק) סאציאליסטיש, וואס געהערט צום סאציאליזמוס. ז. ***socialism***.

socialis′tically *adv.* (סאו-שע-ליס׳-טי-קעל-אי) אויף א סאציאליסטישען שטייגער; לויט די פרינציפען פון סאציאליזם.

So′cialist La′bor par′ty (סאו׳-שעל-איסט ליי׳-באר פאר׳-טי) די סאציאליסטישע ארבייטער-פארטיי [א סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, געגרינדעט אין יאהר 1877].

social′ity *n.* (סאו-שי-על׳-אי-טי) געזעליגקייט, געזעלשאפטליכקייט.

socializa′tion *n.* (סאו׳-שעל-אי-זיי׳-שאן) סאציאליזירונג, פערגעזעלשאפטליכונג; דאס גרינדען עפעס אויף א סאציאליסטישען באזיס.

so′cialize *v.* (סאו׳-שעל-איז) סאציאליזירען, פערגעזעלשאפטליכען; גרינדען אדער רעגולירען עפעס לויט די פרינציפען פון סאציאליזם.

so′cially *adv.* (סאו׳-שעל-אי) אויף א

געזעלינגען אדער געזעלשאפטליכען שטיי=נער.

so'cialness *n.* (סאָו'-שעל-נעס) געזעל=ליגקייט; געזעלשאפטליכקייט.

so'cial sci'ence (סאָו'-שעל סאַי'-ענס) סאציאלע וויסענשאפט, די וויסענשאפט, וועלכע פערנעהמט זיך מיט פראגען, וואס זיינען שייך צום געזעלשאפטליכען לעבען פון מענשען [ווי די פראגען פון ארבייט און קאפיטאל, פון פערברעכענס און שטראף, פון פאלקס=בילדונג א. ז. וו.].

so'cial set'tlement (סאָו'-שעל סעט'ל-מענט) א הויז אין אן ארימען קווארטאל פון א גרויסער שטאדט, וואו עס בעזעצען זיך געבילדעטע מענשען און סטארען זיך דורך ביישפיעל און שטיצע מיטצו=העלפען דער אויסבעסערונג פון דער לאגע פון דער ארימער בעפעלקערונג.

so'cial stat'ics (סאָו'-שעל סטעט'-איקס) סאציאלע סטאטיק, דער טייל פון סאציאלאגיע וועלכער פערנעהמט זיך מיט די פראגען פון געזעלשאפטליכען געבוי און ארדנונג.

so'cial war (סאָו'-שעל וואהר) אין דער רוימישער געשיכטע — דער קריעג וואס די פראווינצען פון דער רוימישער מלוכה האבען אנגעפיהרט געגען דער מעט=ראפאליע [איטאליען] פאר אנערקענען די איינוואהנער פון די פראווינצען אלס גלייכבערעכטיגטע רוימישע בירגער [אין די יאהרען 90—88 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

so'cial wor'ker (סאָו'-שעל וואויר'-קער) איינער וואס ארבייט פאר דער גייס=טיגער און עקאנאמישער דערהויבונג פון די ארימע קלאסען.

societa'rian *a.* (סאָ-סאַי-ע-טיי'-רי-ען) געזעלשאפטליך; וואס איז שייך צו א גע=זעלשאפט.

soci'ety *n.* (סאָ-סאַי'-ע-טי) א געזעל=שאפט; די מענשליכע געזעלשאפט, די וועלט; די "הויכע" [אריסטאקראטישע] געזעלשאפט.

soci'ety jour'nal (סאָ-סאַי'-ע-טי דזשויר'-נעל) א זשורנאל פאר דער אריס=טאקראטישער וועלט.

Soci'ety of Friends (סאָ-סאַי'-ע-טי אוו פרענדז) די קוויקער=סעקטע, די קוויי=קערס. ז. *Quaker*.

soci'ety verse (סאָ-סאַי'-ע-טי וואירס) לייכטע מאדע=פאעזיע.

Socin'ian *a.* and *n.* (סאָ-סינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו סאצינוס אדער צו זיינע רעליגיעזע לעהרען; א נאכפאלגער פון סאצינוס און זיינע לעהרען. ז. *Socinianism*.

Socin'ianism *n.* (סאָ-סינ'-אי-ענ-איזם) סאציניאניזם, די רעליגיעזע לעהרען פון לעליוס און פאוסטוס סאצינוס [איטאליע=נישע טעאלאגען פון 16טען יאהרהונ=דערט]. ביידע האבען געהאלטען, אז דער רעליגיעזער גלויבען קען זיך בוים נור אויף'ן שכל און דעריבער האבען זיי אב=געלייקענט די געטליכקייט פון יעזוס קריס=טוס, די קריסטליכע דאגמע וועגען דער דריי=איינינקייט, די קאטוילישע לעהרען וועגען דער זינדיגקייט פון דער מענשלי=כער נאטור, וועגען פרעדעסטינאציאן [ז. *predestination*] א. ז. וו.

Socin'ianize *v.* (סאָ-סינ'-אי-ענ-איז) מאכען סאציניאניש, דורכדרינגען מיט די לעהרען און פרינציפען פון סאציניאניזם. ז. *Socinianism*.

so'cio-econom'ic *a.* (סאָו'-שי-או-אי-קא-נאמ'-איק) סאציאל=עקאנאמיש; וואס ענטהאלט אין זיך סאציאלע און עקאנאמי=שע עלעמענטען.

sociog'eny *n.* (סאָו-שי-אדזש'-ע-ני) סאציאגעניע, די לעהרע וועגען דער ענט=שטעהונג פון געזעלשאפט.

sociolog'ic *a.* (סאָו-שי-א-לאדזש'-איק) ז. *sociological*.

sociolog'ical *a.* (סאָו-שי-א-לאדזש'-אי-קעל) סאציאלאגיש; וואס איז שייך צו סאציאלאגיע. ז. *sociology*.

sociolog'ically *adv.* (סאָו-שי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט דער סאציאלא=גיע; בנוגע צו סאציאלאגיע. ז. *sociology*.

sociol'ogist *n.* (סאָו-שי-אל'-א-דזשיסט) א סאציאלאג, א קענער פון סא=ציאלאגיע. ז. *sociology*.

sociol'ogy *n.* (סאָו-שי-אל'-א-דזשי) סאציאלאגיע, די לעהרע וועגען געזעל=שאפט [די וויסענשאפט, וועלכע פער=נעהמט זיך מיט די פראגען וועגען דעם געבוי פון דער געזעלשאפט, וועגען די גע=זעצען פון איהר ענטוויקלונג, וועגען פרא=גרעס פון ציוויליזאציאן א. ז. וו.].

so'cius crim'inis (סאָו'-שי-אס קרימ'-אי-ניס) אן אנטייל=נעהמער אדער מיט=שולדיגער אין א פערברעכען.

sock *n.* and *v.* (סאק) א זאק, א שקארפ=עטקע; א לייכטער שוך וואס די קאמישע אקטיארען פלעגען טראגען אין די אמא=ליגע צייטען; קאמעדיע [אין נעגענזאץ צו טראגעדיע]; ווארפען, שליידערען; שלאגען; געבען א שטארקען קלאפ.

sockdol'oger *n.* (סאק-דאל'-א-דזשער) אן ענטשיידענדער ארגומענט, דאס וואס ברענגט עפעס צו ענטשיידונג אדער ענדע; אן ענטשיידענדער שלאג; עפעס זעהר גרויסעס; אזא דאפעלטער האקען ביי א ווענטקע, וועלכער פערמאכט זיך פון זיך, ווען א פיש ווערט געכאפט.

sock'et *n.* and *v.* (סאק'-עט) אן אויס=הוילונג אדער פערטיעפונג אין וועלכער עפעס ווערט איינגעפאסט; א געלענק=אויסהוילונג, א געלענק=פערטיעפונג [דאס גריבעל אין דעם ענד פון א ביין וואו עס פאסט זיך אריין אן אנדער ביין]; דאס גריבעל וואו דאס אויג זיצט; דאס גרי=בעל וואו א צאהן זיצט; דאס רעהרעל אדער די פערטיעפונג פון א לייכטער וואו דאס ליכט ווערט אריינגעשטעקט; אריינ=שטעלען אין אן אויסהוילונג אדער גרי=בעל; בעזארגען מיט אן אויסהוילונג אדער גריבעל וואו עטוואס דארף אריינגעפאסט ווערען.

sock'et-chis'el *n.* (סאק'-עט-טשיז'-על) א דלאט אדער שטעמ=אייזען מיט א פער=טיעפונג פון אויבען, אין וועלכער עס שטעלט זיך אריין דאס הענטעל.

sock'et-pipe *n.* (סאק'-עט - פאיפ) א רעהר מיט א ברייטערער עפנונג פון איין זייט, וואו עס ווערט אריינגע=שטעלט א צווייטער רעהר.



Socket-pipes

sock'less *a.* (סאק'-לעס) אהן זאקען, בארוועס.

so'cle *n.* (סאוקל) א וואנד=געשטעל [דער אונטערשטער טייל פון א וואנד]; א פוס=געשטעל פון א סטאטוע, זייל א. ד. ג.

soc'man *n.* (סאק'-מען) איינער וואס האלט לאנד אדער הייזער פאר געוויסע דיענסטען צום פריץ.

soc'manry *n.* (סאק'-מענ-רי) דאס האל=טען לאנד אדער הייזער פאר געוויסע דיענסטען צום פריץ.

Socrat'ic *a.* (סא-קרעט'-איק) סאקרא=טיש, וואס איז שייך צום גריכישען פילא=זאף סאקראטעס [געב. 399, געשט. 470 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

Socrat'ically *adv.* (סא-קרעט'-אי-קעל-אי) נאך דער סאקראטישער לעהר=מעטא=דע, אויף א סאקראטישען שטייגער, דורך פראגען און ענטפערס.

Soc'ratism *n.* (סאק'-רע-טיזם) די פי=לאזאפיע אדער די לעהרען פון סאקרא=טעס.

Soc'ratist *n.* (סאק'-רע-טיסט) א תלמיד אדער אנהענגער פון סאקראטעס.

sod *n.* and *v.* (סאד) ראזען, גראז=ערד פלאכטעס; בעדעקען מיט גראז=ערד פלאכ=טעס.

so'da *n.* (סאָו'-דא) סאדע; נאטראן; סאדע=וואסער.

so'da-ash *n.* (סאָו'-דא-עש) קויהלען=זויערעס נאטריום. ז. *sodium carbonate*.

so'da-bis'cuit *n.* (סאָו'-דא-ביס'-קיט) א סאדע=ביסקוויט, א ביסקוויט געבאקען מיט סאדע.

so'da-crack'er *n.* (סאָו'-דא-קרעק'-ער) ז. *soda-biscuit*.

so'da-foun'tain *n.* (סאָו'-דא-פאונ'-טען) א סאדע=פאנטאן [אן אפאראט מיט קראנען, וואו מען האלט סאדע=וואסער].

soda'ic *a.* (סא-דיי'-איק) געמאכט פון סאדע, ענטהאלטענד סאדע, וואס איז שייך צו סאדע.

so'dalite *n.* (סאָו'-דע-לאיט) סאדאליט [אזא מינעראל, וואס ענטהאלט פיעל סא=דע].

sodal'ity *n.* (סא-דעל'-אי-טי) א גע=זעלשאפט, א ברודערשאפט, אן ארדען.

so'da-pa'per *n.* (סאָו'-דא-פיי'-פער) סאדע=פאפיער [פאפיער אנגעזאפט מיט סאדע].

so'da-plant *n.* (סאָו'-דא-פלענט) א פלאנצע, וואס איהר אש פלעגט אמאל בע=נוצט ווערען צו מאכען סאדע.

so'da-salt *n.* (סאָו'-דא-סאהלט) סאדע=זאלץ.

so'da-wa'ter *n.* (סאָו'-דא-וואה'-טער) סאדע=וואסער.

sod'-burn'ing *n.* (סאד'-בוירנ'-אינג) דאס אבברענען דאס גראז פון פיטערנים לאנד אום צו געברויכען דאס אש אלס בע=מיסטיגונג.

sod'-cut'ter *n.* (סאד'-קאט'-ער) אן אינסטרומענט אדער מאשין צום שניידען ראזען אדער ערד=גראז פלאכטעס.

sod'den *a.* and *v.* (סאדן) געקאכט, געזאטען; אנגעווייקט, אנגעזאפט; דורכ=גענעצט; צעווייקט, צוקאכט, קאשעווא=טע; טייגיג, ניט דערבאקען; דורכווייקען, אנזאפען; ווייך ווערען [ווי פון פוילען]; זיך איבערקאכען אין..., זיך פערוואנדלען אין...

sod'denness *n.* (סאד'נ-נעס) דורכגע=ווייקטקייט, צעווייקטקייט; דורכגענעצט=קייט; צוקאכטקייט, צוקראכענקייט.

sod'ding-mal'let *n.* (סאד'-אינג-מעל'-עט) אזא געצייג איינצוקלאפען גראז=ערד פלאכטעס [ראזען].

sod'ding-spade *n.* (סאד'-אינג-ספייד) א לאפעטע צום שניידען ראזען [גראז=ערד].

sod'dy *a.* (סאד'-אי) בעדעקט מיט רא=זען [גראז=ערד פלאכטעס]; בעדעקט מיט נידריגען גראז און ווארצלען.

so'dic *a.* (סאָו'־דיק) וואָס בעשטעהט פון סאָדיום אדער נאַטריום; וואָס ענטהאַלט נאַטריום.

so'dic-chalyb'eate *a.* (סאָו'־דיק־קע־ליב'־אי־אייט) וואָס ענטהאַלט אי אייזען אי סאָדיום [וועגען מינעראַל־וואַסער].

so'dium *n.* (סאָו'־די־אַם) סאָדיום אדער נאַטריום [אַ גלאַנציגעס מעטאַל פון אַ זילבער־ווייסען קאָליר]. ז. *sodium*.

so'dium car'bonate (סאָו'־די־אַם קאַר'־באָ־נייט) קויהלען־זויערעס נאַטריום [אַ כעמישע פערבינדונג פון נאַטריום מיט קויהלען־זויערע].

so'dium chlo'rid (סאָו'־די־אַם קלאָו'־ריד) כלאָר־נאַטריום, קאָך־זאַלץ.

so do I (סאָו דו אי) איך אויך.

sod'-oil *n.* (סאָד'־אָיל) אויל אויסגע־פרעסט פון שעפּסען־פעל [ווערט געברויכט אין דער פּראָדוקציאָן פון בילינער ברוי־נער זייף].

Sod'om-ap'ple *n.* (סאָד'־אָם־עפּ'ל) דער סדום־עפּעל [אַזאַ פּרוכט, וועלכע איז, לויט אַ פּאַרצייטיגער לעגענדע, געוואַקסען ביי סדום און פלעגט זיך פערוואַנדלען אין אַש און רויך אַזוי שנעל ווי מען פלעגט זי אָברייסען]; אַ פּרוכטלאָזע אונטערנעה־מונג; עטוואָס וואָס ברינגט בלויז ענט־טוישונג; דער נאַכט־שאָטען [אַזאַ פלאַנ־צע. ז. *nightshade*].

sod'omist *n.* (סאָד'־אָם־איסט) ז. *sodomite*.

sod'omite *n.* (סאָד'־אָם־איט) אַ סאָ־דאָמיט, איינער וואָס איז שולדיג אין מעשה סדום, אַ פּעדעראַסט, איינער וואָס האָט אַן אוננאַטירליכען געשלעכטליכען פערקעהר מיט פערזאָנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

Sod'omite *n.* (סאָד'־אָם־איט) אַן איינ־וואָהנער פון דער פּאַרצייטיגער שטאָדט סדום.

sodomit'ical *a.* (סאָד־אָ־מיט'־אי־קעל) סאָדאָמיטיש; שולדיג אין מעשה סדום [אוננאַטירליכער געשלעכטליכער פּער־קעהר מיט פּערזאָנען פון דעמזעלבען גע־שלעכט אדער מיט בהמות].

sodomit'ically *adv.* (סאָד־אָ־מיט'־אי־קעל־אי) סאָדאָמיטיש, האַנדלענדיג אונ־נאַטירליכען געשלעכטליכען פערקעהר מיט פערזאָנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

sod'omy *n.* (סאָד'־אָם־אי) סאָדאָמיע, מעשה סדום, פּעדעראַסטיע, אוננאַטירלי־כער געשלעכטליכער פערקעהר מיט פּער־זאָנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

sod'-plow *n.* (סאָד'־פּלאַו) אַן אַקער־אייזען צום שניידען ראָזען [גראָז־ערד].

sod'-worm *n.* (סאָד'־וואָירם) אַ גראָז־וואָרם [אַן אינזעקטען־וואָרם, וועלכער פערניכטעט די וואָרצלען פון גראָזען און תבואות].

soev'er *adv.* (סאָ־עוו'־ער) ניט איז [דאָס וואָרט ווערט געברויכט אין פּער־בינדונג מיט די ווערטער *who, what, how, where*, א. ז. וו.].

so'fa *n.* (סאָו'־פאַ) אַ קאַנאַפּע, אַ סאָפע.

so'fa-bed *n.* (סאָו'־פאַ־בעד) אַ סאָפע־בעט [אַ סאָפע וואָס קען זיך פּאַנאַנדער־לעגען און זיך פערוואַנדלען אין אַ בעט].

so'fa-bed'stead *n.* (סאָו'־פאַ־בעד'־סטעד) ז. *sofa-bed*.

sof'fit *n.* (סאָפ'־איט) דער סופיט פון אַ קאַרניז אדער ערקער [ז. איל.]; אַ סופיט אדער סטעליע פון אַ צימער וואָס איז געטיילט דורך קוואָדר־באַלקענס אין פּאַנעלען אדער קעסטלעך.

s. s. Soffit

so'fi *n.* (סאָו'־פי) ז. *sufi*.

so'fism *n.* (סאָו'־פיזם) ז. *sufism*.

soft *a., adv., n., v. and int.* (סאָהפט) ווייך; גלאַט; מילד, צאַרט, רוהיג; עמפּ־פינדליך, ווייכהערציג, גוטמוטיג; אַנגע־נעהם; שוואַך, נאַכגיעביג, מוטלאָז, צו־קראַכען; נאַריש, אידיאָטיש; אָבגעלאָזען, נאַכלעסיג; פייכט, רעגענדיג; ניט אַלקאָ־האָליש [וועגען געטרענקע]; וואָס ענט־האַלט כמעט ניט קיין קאַלך און מאַגנעזיע [וועגען וואַסער]; אויף אַ ווייכען, מיל־דען, צאַרטען אדער רוהיגען אופן; אַ נאַר, אַן אידיאָט; אַ שוואַכלינג; מאַכען ווייך, צאַרט, מילד אדער רוהיג; פּאַוואָ־ליע! לאַנגזאַם! שטעה! וואַרט!

soft coal (סאָהפט קאָול) ווייכע קויה־לען [אין געגענזאַץ צו האַרטע אדער אַנ־טראַציט־קויהלען].

soft'-con'scienced *a.* (סאָהפט'־קאָנ'־שענסט) וואָס האָט אַ צאַרטען געוויסען.

soft drinks (סאָהפט דרינקס) מילדע געטרענקע [ניט אַלקאָהאָלישע].

sof'ten *v.* (סאָהפ'ן) ווערען ווייכער, מיל־דער, צאַרטער אדער רוהיגער; מאַכען ווייכער, מילדער, צאַרטער אדער רוהי־גער; מאַכען אדער ווערען נאַכגיעביגער, מוטלאָזער אדער שוואַכער; ריהרען, גע־ריהרט ווערען.

sof'tener *n.* (סאָהפ'־נער) איינער אדער עטוואָס וואָס מאַכט ווייך, בערוהיגט, מאַכט צאַרטער אדער מילדערט; אַ מילדערונגס־מיטעל; אַ פּינזעל פּאַנאַנדערצומישען פאַרבען אויף טעפּער־אַרבייט.

sof'tening *n.* (סאָהפ'־נינג) פערווייכונג; דאָס מאַכען אדער ווערען ווייכער, מיל־דער, צאַרטער אדער רוהיגער; דאָס ווע־רען גערידהרט.

sof'tening-i'ron *n.* (סאָהפ'־נינג־אַי'־ערן) אַ קיילעכדיגע אייזערנע פּלאַטע, אויף וועלכער עס ווערען אַנגעצויגען גע־ווייקטע פעל [ביי לעדער־אויסאַרביי־טונג].

sof'tening-machine' *n.* (סאָהפ'־נינג־מע־שין') אַ מאַשין צו נעצען פעל [צום בעאַרבייטען].

sof'tening of the brain (סאָהפ'־נינג אָוו טהי בריין) געהירן־פערווייכונג [אַ קראַנקהייט, ווען די געהירן ווערען ווייך].

soft ep'ithem (סאָהפט עפּ'־אי־טהעם) אַ קרייטער־פּלאַסטער; אַ פּלאַסטער פון אַנגעשאָבענע רויהע קאַרטאָפעל [פאַר אַ בראַנד־וואונד].

sof'ter sex (סאָהפ'־טער סעקס) דאָס שוואַכערע [ווייבליכע] געשלעכט.

soft'-eyed *a.* (סאָהפט'־איד) זאַנפט־אויגיג, מיט זאַנפטע אויגען, מיט אַ מיל־דען בליק.

soft'-grass *n.* (סאָהפט'־גרעס) האָניג־גראָז אדער סאַמעט־גראָז [אַזאַ וואָליגע פלאַנצע].

soft'-hand'ed *a.* (סאָהפט'־הענד'־עד) ווייך־הענדיג; וואָס איז ניט געוועהנט צו אַרבייט; שוואַך, ניט שטרענג.

soft'-head'ed *a.* (סאָהפט'־העד'־עד) שוואַך־קעפּיג, נאַריש; אידיאָטיש.

soft'-heart'ed *a.* (סאָהפט'־האַרט'־עד) ווייכהערציג.

soft'-heart'edness *n.* (סאָהפט'־האַרט'־עד־נעס) ווייכהערציגקייט.

soft'horn *n.* (סאָהפט'־האָהרן) אַ נאַר, אַ שוטה; אַן אונערפאַהרענער מענש; איינער וועמען עס איז לייכט אָבצונאַרען.

sof'tie *n.* (סאָהפ'־טי) ז. *softy*.

soft'ly *adv.* (סאָהפט'־לי) מיט מילדקייט, מיט ווייכקייט; אויף אַ צערטליכען אופן; שטיל; אויף אַ רוהיגען, געלאַסענעם אדער לאַנגזאַמען אופן; אויף אַן אָבגעלאָזענעם, נאַכלעסיגען אופן.

soft mon'ey (סאָהפט מאָנ'־אי) פּאַ־פּיער־געלד.

soft'ness *n.* (סאָהפט'־נעס) ווייכקייט, זאַנפטקייט, מילדקייט; צערטליכקייט; זאַנפטמיטיגקייט; אַנגענעהמליכקייט; שוואַכקייט; נאַכגיעביגקייט; ווייכהערציג־קייט; נאַרישקייט; נאַכלעסיגקייט, אָבגע־לאָזענקייט; פייכטקייט, רעגענדיגקייט [פון וועטער]; דאָס ענטהאַלטען ווייניג קאַלך און מאַגנעזיע [וועגען וואַסער].

soft pal'ate (סאָהפט פּעל'־עט) דער ווייכער טייל פון גומען.

soft place (סאָהפט פּלייס) די שוואַכע זייט.

soft pulse (סאָהפט פּאַלס) אַ ווייכער פּולס [וואו די אַרטעריע לאָזט זיך לייכט איינדריקען].

soft saw'der (סאָהפט סאָה'־דער) חניפה.

soft'-saw'der *v.* (סאָהפט'־סאָה'־דער) חנפ'ענען.

soft'-skinned *a.* (סאָהפט'־סקינד) וואָס האָט אַ גלאַטע אדער ווייכע הויט.

soft snap (סאָהפט סנעפּ) אַ לייכטע, גוט בעצאָהלטע שטעלע.

soft soap (סאָהפט סאָופּ) גרינע זייף, שמיער־זייף, האַלב־פליסיגע זייף; חניפה.

soft'-soap' *v.* (סאָהפט'־סאָופּ') חנפ'ענען.

soft sold'er (סאָהפט סאָד'־ער) ווייכער לייט־שטאָף [צום לייטען]; חניפה.

soft'-sol'id *a.* (סאָהפט'־סאָל'־איד) קאַ־שעוואַטע, ווי קאַשע, ווי פּאַפּ.

soft'-spo'ken *a.* (סאָהפט'־ספּאָו'־קן) וואָס רעדט זאַנפט; מילד, פריינדליך.

soft'-tack *n.* (סאָהפט'־טעק) ווייך ווייצען־ברויט [אין געגענזאַץ צו סוכאַ־רעס אדער צוויעבאַק — אויף דער מאַט־ראָזען־שפּראַך].

soft thing (סאָהפט טהינג) ז. *soft snap*.

soft wa'ter (סאָהפט וואָה'־טער) ווייכער וואַסער, וואָס איז כמעט אין גאַנצען פריי פון קאַלך און מאַגנעזיע.

soft weath'er (סאָהפט וועטה'־ער) אַ פייכטער אדער רעגענדיגער וועטער.

sof'ty *n.* (סאָהפ'־טי) אַ נאַר; אַן אי־דיאָט.

sog *n.* (סאָג) לע־בלאָטע, אַ זומפּ; טאָרפיגע, הייהנער־פעלט.

so'ger *n. and v.* (סאָו'־דזשער) אַ פוי־לענצער, איינער וואָס זוכט מיטלען זיך אויסצודרעהען פון זיין אַרבייט [אויף דער מאַטראָזען־שפּראַך]; אַ סאָלדאַט; פוי־לענצען, זיך אויסדרעהען פון אַרבייט [אויף דער מאַטראָזען־שפּראַך].

sog'gy *a.* (סאָג'־אי) דורכ־געווייקט, אַנגעווייקט, אַנגעזאַפּט מיט פייכטקייט.

soh *int.* (סאו) אט אזוי! רוהיג, שטיל, לאנגזאם! שטעה! האלט!

soho'! *int.* (סאו-האו') היי! [א צו=רוף, א יעגער=צורוף].

soi-disant' *a.* (סוא-די-זאן') כלומר'שט, משטיינס.

sorb *n.* (סאהרב) דער שאלאמוקסנע בוים, דער ראבינעס=בוים, דער בערגעשען=בוים [אזא בוים אויף וועלכען עס וואקסען בינטלעך רויטע זויערע יאגדעס]; דער שפערבער=בוים; ראבינעס, שלאמוקסנעס [די יאגדעס פון א ראבינעס=בוים אדער שאלאמוקסנע בוים].

sorbefa'cient *a. and n.* (סאהר-בי-פיי'-שיענט) וואס פעראורזאכט איינזויגונג; א מיטעל צו פעראורזאכען איינזויגונג.

sor'bet *n.* (סאהר'-בעט) ז. *sherbet*

sor'bic *a.* (סאהר'-ביק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון א שפערבער=בוים אדער ראבינעס=בוים.

sor'bic ac'id (סאהר'-ביק עס'-איד) א כעמישע זויערע וואס ווערט ערהאלטען פון ראבינעס אדער שאלאמוקסנעס.

sorbi'tion *n.* (סאהר-ביש'-אן) אריינטרינקונג, אריינזופונג.

sor'cerer *n.* (סאהר'-סער-ער) א צויבערער, א מכשף.

sor'ceress *n.* (סאהר'-סער-עס) א צויבערין, א מכשפה.

sor'cerous *a.* (סאהר'-סער-אס) צויבעריש, כשוף'דיג.

sor'cery *n.* (סאהר'-סער-אי) צויבעריי, כשוף; א צויבער, א כשוף.

sor'des *n.* (סאהר'-דיז) אונרייניקייט, שמוץ; אבפאל; אבזאץ; פסולת; אן אנגעוואקסענער שיכט אויף די ליפען און אויף די צייהנער פון פיעבער=קראנקע.

sor'det *n.* (סאהר'-דעט) ז. *sordine*

sor'did *a.* (סאהר'-דיד) 1. שמוציג; 2. געמיין, נידריג, נידערטרעכטיג; עגאאיסטיש.
1. The poor must unwillingly live sordid lives. 2. His sordid ambition led to his undoing.

sor'didly *adv.* (סאהר'-דיד-לי) אויף א שמוציגען אופן; אויף א געמיינעם אדער נידערטרעכטיגען אופן.

sor'didness *n.* (סאהר'-דיד-נעס) שמוציגקייט; גראבקייט; געמיינהייט; נידערטרעכטיגקייט; עגאאיזם.

sor'dine *n.* (סאהר'-דין) א זארדינע אדער א דעמפפער [דער פעדאל פון א קלאוויר וואס ווערט בענוצט ווייכער צו מאכען דעם קלאנג].

sordi'no *n.* (סאהר-די'-נאו) ז. *sordine*

sor'dor *n.* (סאהר'-דאר) שמוץ; אבפאל.

sore *n., a. and adv.* (סאור) א וואונדארט, וואונד=פלייש; א וואונד; א וועהטאג; א געשוויר; אן אונגליק, א צרה; קומער, שמערץ; א שמערצליכער פערדרוס; א פיער=יעהריגער הירש; אן איין=יעהריגער פאלק [רויב=פויגעל]; שמערצהאפט, שמערצליך; שלעכט אדער שווער פיהלענד; מיט גייסטיגע שמערצען; פערביטערט; געדריקט, שלעכט געשטימט; פערדריסליך, טרויעריג; העפטיג, שטארק, שלעכט, שווער; עקסטרעם, אויסערארדענטליך, אויסערגעוועהנליך.

sore eyes (סאור איז) קאליע אדער קראנקע אויגען.

sore'head *n.* (סאור'-העד) איינער וואס האט א קראנקען קאפ; אן אונצופריעדענער מענש; איינער וואס האט קריוודעס.

sore'ly *adv.* (סאור'-לי) שמערצליך, שמערצהאפט; פערדריסליך, מיט א שווערען געמיט; העפטיג, שטרענג; עקסטרעם.

sore'ness *n.* (סאור'-נעס) שמערצהאפטיגקייט, שמערצליכקייט, וועהטאג; פיין; א שמערץ=געפיהל, א קרענקונג, א טיעפער פערדרוס; פיינליכקייט; העפטיגקייט.

sor'gho *n.* (סאהר'-גאו) ז. *sorghum*

sor'ghum *n.* (סאהר'-גאם) מאהר=הירזש אדער דורה, אזא גראז=ראהר, וועלכער ענטהאלט אין זיך א צוקערדיגען זאפט; סיראפ אדער צוקער=זאפט פון דיעזען גראז=ראהר.

sori'tes *n.* (סא-ראי'-טיז) אין פילאזאפיע — א סאפיזם וואס בעשטעהט אין דעם, דאס אויסגעהענדיג פון א רייהע ריכטיגע בעהויפטונגען ווערט מען געצוואונגען אויף א כלומר'שט לאגישען וועג צו קומען צו א פאלשען שלום [צ. ב. איין זאמד=קערנדעל איז ניט קיין קופע זאמד, ווען מען לעגט צו צו דעם ערשטען זאמד=קערנדעל א צווייטען, קען אלזא, דער צווייטער דעם ערשטען ניט מאכען פאר א קופע, פאלגליך זיינען אפילו א ביליאן זאמד=קערנדלעך ניט קיין קופע]; א קעטען=שלום [א רייהע פון בעהויפטונגען וועלכע שליסען זיך איינע אין די אנדערע און פון וועלכע עס קומט ארויס איין שלום].

soro'ral *a.* (סא-ראו'-רעל) שוועסטערליך.

soror'icide *n.* (סא-ראר'-אי-סאיד) א שוועסטער=מארד; א שוועסטער=מערדער.

soro'sis *n.* (סא-ראו'-סיס) א פרוכט וואס איז ארויסגעוואקסען פון מעהרערע בליהונגען און צונויפגעוואקסענע בלעטער [ווי אנאנאס, ברויט=פרוכט א. ד. ג.].

sor'rel *n. and a.* (סאר'-על) שטשאוויי, זויער=אמפפער, שטשאווע [אזא פלאנצע מיט זויערע בלעטלעך וואס ווערט בענוצט אלס שפייז]; א געל=ברוינער קאליר; א געל=ברוינעם פערד; געל=ברוין [וועגען פערד]

sor'rel-tree *n.* (סאר'-על-טריע) א מין קליינער בוים מיט בלעטער וואס בלייבען גרין דאס גאנצע יאהר

sor'rily *adv.* (סאר'-אי-לי) פיינליך, שמערצליך, פערדריסליך; עלענד, ערבארמליך; טרויעריג, בעטריבט.

sor'riness *n.* (סאר'-אי-נעס) שמערצליכקייט, פיינליכקייט, פערדריסליכקייט; עלענדקייט, ערבארמליכקייט; טרויעריגקייט, בעטריבטקייט.

sor'row *n. and v.* (סאר'-או) טרויער, קומער, לייד; פערדרוס, ערגערנים; טרויעריגקייט; בעטריבונג; זיך פיהלען בעטריבט אדער טרויעריג; זיין אין פערדרוס אדער אין קומער; זיך קרענקען; טרויערען; זיך פיהלען נידערגעשלאגען; בעטרויערען; בעדויערען.

sor'rower *n.* (סאר'-א-ער) א טרויערער, א בעדויערער.

sor'rowful *a.* (סאר'-א-פול) טרויעריג; בעטריבט; געקרענקט; קלעגליך, עלענד, יאמערליך.

sor'rowfully *adv.* (סאר'-א-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער; בעטריבט, קלעגליך, יאמערליך.

sor'rowfulness *n.* (סאר'-א-פול-נעס) טרויעריגקייט, קומער; ערגערנים, פערדרוס.

sor'rowless *a.* (סאר'-א-לעס) אהן קומער, אהן לייד; אהן טרויער; אהן פערדרוס אדער ערגערנים.

sor'row-strick'en *a.* (סאר'-או-סטריק'ן) געטראפען פון טרויער אדער קומער; בעטריבט, געקרענקט.

sor'ry *a.* (סאר'-אי) טרויעריג, בעטריבט; בעקימערט; פערדריסליך, געקרענקט; אונגליקליך; עלענד; ערבארמליך; יאמערליך; ווערטהלאז, לומפיג.

sor'ry fig'ure (סאר'-אי פיג'-יור) א טרויעריגע, עלענדע פיגור.
He was a sorry figure at the convention.

sort *n. and v.* (סאהרט) א זארט, א גאטונג; די ארט; דער אופן; די נאטור, דער כאראקטער [פון עטוואס]; איינטיילען; איינטיילען אין קלאסען אדער ראנגען; אבזונדערען; זארטירען; איינזארטירען; צוזאמענפאסען; צופאסען; זיין פון דעמזעלבען זארט, הארמאנירען, איינשטימען, זיין גלייך; זיך צופאסען, זיך צוזאמענפאסען.

sor'table *a.* (סאהר'-טעבל) זארטירט; פון פערשיעדענע זארטען; אנגעמאסטען; פאסענד; צוגעפאסט.

sor'tably *adv.* (סאהר'-טע-בלי) אנגעמאסטען, צוגעפאסט.

sor'ter *n.* (סאהר'-טער) א זארטירער.

sor'tes *n.* (סאהר'-טיז) א מין גורל=ווארפען צו טרעפען די צוקונפט דורך דער ביבעל [וועלכע מען עפענט אויף ווי עס פאלט אויס און מען שטעלט זיך אב אויף'ן זאץ, אויף וועלכען דאס אויג פאלט צום ערשטען]. אדער דורך אויסגעשריבענע זעצע פון וועלכען עס איז בוך [פערשיעדענע זעצע פון בעליעבטע שריפטשטעלער ווערען אויפגעשריבען אויף בעזונדערע צעטעלעך און נאכדעם, ווען זיי ווערען דורכגעמישט, נעהמט מען ארויס איינס פון די צעטעלעך וואס פאלט אין האנד און פון זיין אינהאלט זוכט מען צו טרעפען די צוקונפט].

sor'tes Virgilia'næ (סאהר'-טיז ווארי-דזשי-לי-איי'-ניע) דאס ווארפען גורל געברויכענדיג די ווערק פון דעם פאעט ווירגיליוס. ז. *sortes*

sor'tie *n.* (סאהר'-טיע) אן איבערפאל וואס א מיליטער=אבטיילונג פון א בעלאגערטען גארניזאן מאכט אויף די בעלאגערער; אן איבערפאל.

sor'tilege *n.* (סאהר'-טי-לעדזש) דאס גורל=ווארפען; דאס טרעפען אדער פארויסזאגען דורך ווארפען גורל; צויבעריי, כשוף.

sortile'gious *a.* (סאהר-טי-לי'-דזשאס) וואס איז שייך צו גורל=ווארפען.

sor'tilegy *n.* (סאהר'-טי-לעדזש-אי) ז. *sortilege*

sor'ting *n.* (סאהר'-טינג) דאס זארטירען, דאס איינטיילען אין זארטען.

sorti'tion *n.* (סאהר-טיש'-אן) דאס ווארפען גורל.

sort'ment *n.* (סאהרט'-מענט) דאס זארטירען, די זארטירונג, די איינזארטירונג.

so'-so *a.* (סאו'-סאו) נישקשה'דיג, קיין בייז ניט, צו דערטראגען.

so so (סאו סאו) קיין בייז ניט, ניש'קשה, צו דערליידען.

soss *v., n. and adv.* (סאס) מאכען שמוציג אדער נאס; א שווערער אונגעלומפערטער פאל; א שווערער, אונגעלומפערטער מענש; אונגעלומפערט.

sostenu'to *a.* (סאס-טע-נוה'-טא) אין מוזיק — אנהאלטענד, אויסציהענד אדער פערלענגערענד דעם קלאנג.

sot *n. and v.* (סאט) א שוטה, א באלוואן; א מענש מיט א פערטערונקענעם שכל; א פיאניצע, א שכור; פיאנסטווען, שכור'ען; מאכען דום אדער נאריש; פערטעמפען דעם שכל.

soteriol'ogy *n.* (סא-טי-רי-אל'-א-דזשי) היגיענע, די געזונדהייטס=לעהרע; דער טייל פון דער קריסטליכער טעאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט דער זעליגקייט פון מענשען דורך יעזוס קריסטוס.

so that (סאו טהעט) כדי אז; מיט דעם צוועק אדער מיט דעם רעזולטאט; אין פאל ווען; אויב.

so to say (סאו טו סיי) אזוי צו זאגען, געברויכענדיג דעם אויסדרוק.

so to speak (סאו טו ספיעק) ז. *so to say*

sot'tish *a.* (סאט'-איש) דום, נאריש; איבערגעגעבען דעם טרונק, אריינגעטהאן אין שכרות.

sot'tishly *adv.* (סאט'-איש-לי) מעשה שכור; נאריש, דום, אהן שכל.

sot'tishness *n.* (סאט'-איש-נעס) דומהייט; טעמפקייט פון שכל; דאס זיין טעמפ פון שכרות; בעזויפענקייט, איבערגעבענהייט צו שכרות.

sot'to *prep.* (סאט'-טא) אונטער.

sot'to vo'ce (סאט'-טא וואו'-טשיי) מיט א נידריגען טאן, מיט אן איינגעהאלטענער שטימע.

sot'-weed *n.* (סאט'-הוויעד) טאבאק.

sou *n.* (סוה) א סו [א פראנצויזישע קופערנע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך צו אן אמעריקאנער סענט].

soubrette' *n.* (סוה-ברעט') א סוברעטין, אן אקטריסע וואס שפיעלט אדער זינגט אין לייכטע לעבעדיגע ראלען פון א קאמעדיע; אן אקטריסע וואס שפיעלט די ראלע פון א דיענסט=מיידעל אין א קאמעדיע.

soubriquet' *n.* (סוה-ברי-קיי') ז. *sobriquet*

sou'chong *n.* (סוה'-שאנג) א מין שווארצע טהעע.

souf'fle *n.* (סוהפל) אין מעדיצין — א רוישענדער קלאנג, א קלאנג ווי פון בלאזען.

souffleur' *n.* (סוה-פלויר') א סופליאר [איינער וואס זאגט אונטער די ווערטער די אקטיארען בעת'ן שפיעלען].

sough *n. and v.* (סאו) א רוישען, ברויזען אדער פייפען ווי פון ווינד; א זיפץ, אן אטהעם=צוג; רוישען, ברויזען, פייפען ווי דער ווינד.

sought (סאהט) געזוכט. ז. *seek*

sought af'ter (סאהט עפ'-טער) געווינשט, פערלאנגט.

He is a much sought after lecturer.

soul *n.* (סאול) די זעעלע, די נשמה; דער גייסט; דער תוך אדער עסענץ פון עפעס; א גייסטיגעס וועזען; דאס מענשליכע וועזען; א מענש.

soul'-blind *a.* (סאול'-בלאינד) שטאקבלינד, פאלשטענדיג בלינד.

soul'-deaf *a.* (סאול'-דעף) פאלשטענדיג טויב.

souled *a.* (סאולד) וואס האט א נשמה; מיט א נשמה, מיט א געפיהל.

soul'-fear'ing *a.* (סאול'-פיער'-אינג) וואס דערשרעקט די נשמה, וואס ווארפט אן א שרעק.

soul'ful *a.* (סאול'-פול) הארציג, געפיהלפול, פול מיט נשמה אדער געפיהל; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

soul'fully *adv.* (סאול'-פול-אי) אויף א הארציגען אדער געפיהלפאלען אופן.

soul'fulness *n.* (סאול'-פול-נעס) הארציגקייט, געפיהל; דאס זיין פול מיט נשמה אדער געפיהל.

soul'-kill'ing *a.* (סאול'-קיל'-אינג) וואס טויטעט די נשמה; וואס רואינירט דעם גייסט.

soul'less *a.* (סאול'-לעס) אהן א זעעלע, אהן א נשמה; אהן גייסט, אהן לעבען; טויט; אהן אן אויסדרוק, וואס דריקט ניט אויס קיין געדאנק אדער געפיהל; גייסטלאז, געמיין, נידריג.

soul'lessness *n.* (סאול'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א נשמה; דאס זיין אהן לעבען; גייסטלאזיגקייט, געמיינהייט.

soul'-sick *a.* (סאול'-סיק) גייסטיג קראנק.

soul'-vexed *a.* (סאול'-וועקסט) וואס לייזדט גייסטיג.

soul'-wor'ship *n.* (סאול'-הוואיר'-שיפ) די פערגעטערונג פון גייסטער; דאס גלויבען אין דעם לעבען פון א גייסט וועלכער בלייבט נאך א פערשטארבענעם.

sound *n., a., adv. and v.* (סאונד) א קלאנג; א טאן; א פוסטער קלאנג; א זאנד [א שפיזעל=עהנליכער כירורגישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען עפנונגען אדער רעהרען אין קערפער]; א זונד, א מעערענגע [א שמאלער וואסער=דורכגאנג פון איין ים צו א צווייטען אדער פון אן אינזעל צום קאנטינענט]; דער פענכער פון א פיש; א טינט=פיש; געזונד, גאנץ, ניט פערוואונדעט, געזונד אויף אלע גליעדער; עהרליך, עהרווירדיג, טאדעללאז; בעגרינדעט; גרינדליך; שטארק, פעסט, טיכטיג; אהן פעהלערען; פעהלערלאז; ריכטיג, קארעקט; לאגיש; געזעצליך; אונגעשטערט, אונאונטערבראכען [וועגען שלאף]; רעכטגלויביג, ארטאדאקסיש; היילען, מאכען געזונד; געהיילט ווערען, געזונד ווערען; גרונטעווען, מעסטען די טיעפקייט; מעסטען די טיעפקייט מיט א בליי=שנור, אראבלאזען די בליי=שנור; זיך אראבלאזען אויף'ן גרונד; פראבירען מיט א זאנד; זאנדירען, אונטערזוכען, עקזאמענירען, אויספראבירען, אויספארשען; פראבירען אדער אויספארשען אימעצענס מיינונג; קלינגען; ארויסגעבען א קלאנג; מאכען קלינגען; מאכען א גערויש, רוישען; בלאזען, טרובען; אויסקלינגען, בעקאנט מאכען, פערעפענטליכען; אויסגעקלונגען ווערען, פערעפענטליכט ווערען; שיינען צו זיין עהנליך; אויסדריקען, אויסשפרעכען; געבען א בעפעהל אדער סיגנאל דורך א געוויסען קלאנג.

sound a note of warn'ing (סאונד ע נאוט אוו הוואהרנ'-אינג) געבען אן אזהרה אדער א ווארנונג; ווארנען, מזהיר זיין.

sound asleep' (סאונד ע-סליעפ') אין א טיעפען שלאף.

sound'board *n.* (סאונד'-באורד) דאס רעזינאנץ=ברעט אדער קלאנג=ברעט פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט [אזא האלץ=ברעטעל אין א קלאוויר, ארגעל, פיעדעל, גיטארע א. ד. ג. צו פערשטארקען דעם טאן]; דאס קלאנג=ברעט אויף א בימה אדער קאנצעל [אן אנגעבויגען דעכעל איבער א בימה אדער קאנצעל צו געבען דער שטימע פון דעם רעדנער די ריכטונג צום פובליקום].

sound'-bone *n.* (סאונד'-באון) דער ביין פון א פיש, וואס געפינט זיך נעבען דעם לופט=פענכער.

sound'-bow *n.* (סאונד'-באו) דער דיקערער טייל פון ראנד ביי א גלאק, אן וועלכען עס קלאפט זיך אב דאס צינגעל.

sound'-box *n.* (סאונד'-באקס) דער רעזאנאנץ=קאסטען [די אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וואס פערשטארקט דעם קלאנג]. ז. *resonance-box*

sound'-chest *n.* (סאונד'-טשעסט) ז. *sound-box*

soun'der *n.* (סאונ'-דער) א קלינגער, עמוואס וואס קלינגט; דער קלאפער אדער קלינגער אין א טעלעגראפישען אפאראט; אן אפאראט צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

sound'-hole *n.* (סאונד'-האול) דאס קלאנג=לאך אין א פיעדעל אדער אין אן אנדער שטרייך=אינסטרומענט.

soun'ding *n. and a.* (סאונ'-דינג) דאס מעסטען די טיעף, דאס גרונטעווען; דאס אראבלאזען זיך צום גרונד [ווי א וואלפיש, ווען ער ווערט געטראפען פון א הארפון]; א קלאנג, א גערויש; דאס קלינגען, דאס ארויסגעבען א קלאנג אדער גערויש; קלינגענד, וואס גיט ארויס א קלאנג; וואס מאכט א גערויש; הויכקלינגענד, באמבאסטיש.

soun'ding-board *n.* (סאונ'-דינג-באורד) ז. *soundboard*

soun'ding-bot'tle *n.* (סאונ'-דינג-באט'ל) א זינק=פלאש [אזא כלי צו שעפען וואסער פון א גרויסער טיעפעניש פאר אונטערזוכונגס=צוועקען].

soun'ding-lead *n.* (סאונ'-דינג-לעד) א זינק=בליי [דאס בליי=געוויכט וואס ווערט אנגעבונדען צו א שנור צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסערען].

soun'ding-line *n.* (סאונ'-דינג-לאין) א זינק=שנור [א שנור צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א בליי=געוויכט צו מעסטען טיעפקייטען פון וואסער].

soun'ding-machine' *n.* (סאונ'-דינג-מע-שין') א מאשין צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

soun'ding-post *n.* (סאונ'-דינג-פאוסט) אזא צילינדער=פערמיגעס שטיקעל האלץ וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א פיעדעל אלס א שפארע פאר די ווענטלעך [פון דער פארם פון דיעזען העלצעל העננט פיעל אב דער טאן=קלאנג פון פיעדעל].

soun'ding-rod *n.* (סאונ'-דינג-ראד) אזא אייזערנער שטאנג איינגעטיילט אין גראדען, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסער=רוים אין א שיף.

soun'dings *n.* (סאונ'-דינגז) די טיעפקייט פון וואסערען אויף וויפיעל זי ווערט אנגעצייגט דורך אויסמעסטען.

sound'less *a.* (סאונד'-לעס) קלאנגלאז, אהן א קלאנג; אהן א טאן; שטיל; שטום; אהן א גרונד, וועמעס טיעפקייט קען ניט אויסגעמאסטען ווערען.

sound'ly *adv.* (סאונד'-לי) געזונד; פעסט; שטארק; ריכטיג, לאגיש; טיכטיג; טיעף, אונאונטערבראכען, ניט געשטערט [וועגען שלאף].

sound mind (סאונד מאינד) א געזונטער שכל, א לאגישער פערשטאנד.

sound'ness *n.* (סאונד'-נעס) געזונדקייט; שטארקייט; גרינדליכקייט; ריכטיגקייט.

sound on the goose (סאונד אן טהי גוהס) ארטאדאקסאל אין מיינונגען און אנזיכטען; וואס האלט זיך פעסט פאר דאס אלגעמיין=אנגענומענע; בלינד איבערגעגעבען צו א פארטיי און צו איהרע פרינציפען.

sound'-post *n.* (סאונד'-פאוסט) ז. *sounding-post*.

sound'-proof *a.* (סאונד'-פרוהף) וואס לאזט ניט דורך קיין קלאנג; וואס א קלאנג קען דורך דעם ניט דורכדרינגען.

sound'-radiom'eter *n.* (סאונד'-ריי-די-אמ'-ע-טער) אן אפאראט וואס בעווייזט די מעכאנישע ווירקונג פון קלאנגוועלען.

sound'-reg'ister *n.* (סאונד'-רעדזש'-איס-טער) אן אפאראט צו פערצייכנען די טענער פון א זינגענדער שטימע אדער פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

sound the alarm' (סאונד טהי ע-לארם') קלאפען טרעוואגע; שטורם בלאזען.

sound to horse (סאונד טו האהרס) געבען א סיגנאל מען זאל זאטלען אדער זיך זעצען אויף די פערד.

sound'-wave *n.* (סאונד'-הווייוו) א קלאנג=וועלע.

soup *n.* (סוהפ) זופ, יויך.

soupçon' *n.* (סוהפ-סאהן') א ביסעלע, א טראפעלע.

The patient was given a glass of water with a **soupçon** of brandy.

soup'-dish *n.* (סוהפ'-דיש) א זופ=שיסעל.

soup'-kitch'en *n.* (סוהפ'-קיטש'-ען) א זופ=קיך, א פאלקס=קיך [א קיך פאר ארימע לייט צו קריגען זופ אהן געלד].

soup'-la'dle *n.* (סוהפ'-ליי'דל) א זופ=לעפעל, א קאך=לעפעל.

soup'-mai'gre *n.* (סוהפ'-מיי'-גער) אזא שיטערע זופ געקאכט מיט גרינסען אדער פיש.

soup'-meat *n.* (סוהפ'-מיעט) זופען=פלייש.

soup'-plate *n.* (סוהפ'-פלייט) א זופ=שיסעל, א זופ=טעלער.

soup'-tick'et *n.* (סוהפ'-טיק'-עט) א בילעט צו קריגען אומזיסט זופ אין א פאלקס=קיך.

sou'py *a.* (סוה'-פי) ווי זופ.

sour *a., adv., n. and v.* (סאור) זויער; בייז; שטרענג, אונפריינדליך; אין כעס, פערביטערט; נאס און קאלט [וועגען אונפרוכטבארער ערד]; א זויערע זאך; עטוואס זויערעס אדער אונאנגענעהמעס; זויער מאכען; זויער ווערען; בייז ווערען, ערביטערט ווערען; בייז מאכען, ערביטערען; ווערען נאס און קאלט [וועגען אונפרוכטבארער ערד]; מאכען נאס און קאלט אדער אונפרוכטבאר [וועגען ערד].

source *n.* (סאורס) א קוועלע, א קוואל; דער מקור, דער שרש, דער אורשפרונג.

sour'-crout *n.* (סאור'-קראוט) ז. *sauer-kraut*.

sour'det *n.* (סוהר'-דעט) ז. *sordine*.

sourdine' *n.* (סוהר-דיען') ז. *sordine*.

sour'-eyed *a.* (סאור'-איד) מיט א זויערען בליק; וואס קוקט אויס בייז.

sour grapes (סאור גרייפס) זאכען וועלכע מען מאכט כלומר'שט פאר ווערטהלאז ווייל מען קען זיי ניט ערדרייכען [לויט דעם משל פון דעם פוקס וואס האט ניט געקענט ערדרייכען די וויינטרויבען, האט ער געזאגט, אז זיי זיינען זויער].

sour'ing *n.* (סאור'-אינג) דאס ווערען אדער מאכען זויער; דאס וואס מאכט זויער; דאס זויערען [א כעמישער פראצעס אין בלייכען לייוונד].

sour'ish *a.* (סאור'-איש) זויערליך.

sour'-krout *n.* (סאור'-קראוט) ז. *sauer-kraut*.

sour'ly *adv.* (סאור'-לי) זויער; בייז.

sour'ness *n.* (סאור'-נעס) זויערקייט; בייזקייט; פערביטערטקייט.

sour'-sop *n.* (סאור'-סאפ) דער פלאשען=בוים [א קליינער וועסט=אינדישער בוים]; די פרוכט פון דעם פלאשען=בוים [אזא גרויסע, זאפטיגע און זויערליכע פרוכט].

Sour-sop

sous *n.* (סוה) ז. *sou*.

souse *n., v. and adv.* (סאוס) מארינאט אדער פעקעל זופ; סאוס; געפעקעלטעס אדער מארינירטעס; געפעקעלטע חזיר'שע אויערען און פיס; א פלעצליכער האסטיגער אנפאל אדער אנגריף; א שטורץ; אן ארויפפאל, אן ארויפווארף; א שטויס, א קלאפ, א פאטש; דאס אונטערטונקען אין וואסער, אן אונטערטונקונג; איינטונקען אין מארינאט=זופ; איינפעקלען, איינמארינירען; איינטונקען אין וואסער אדער אין אן אנדער פליסיגקייט; בעגיסען; גיסען; שטירצען; פלוצום זיך א ווארף טהאן אויף...; אנפאלען; שטויסען, א קלאפ טהאן; מיט א פלעצליכען ווארף אראב, מיט א פלעצליכען שטויס אראב.

sous'lik *n.* (סוהס'-ליק) א סוסליק, אן ערד=וועווערקע [אזא קליין גריזשענדעס חיה'לע וואס האלט זיך געוועהנליך אויף אין תבואה=פעלדער און פעראורזאכט זעהר פיעל שאדען].

souterrain' *n.* (סוה-טע-ריין') א הייל; א קעלער.

south *n., a., adv. and v.* (סאוטה) דרום, זיד, זיד=זייט, דרום=זייט; דער דרום=ווינד; זידליך, דרום=זייטיג, צום זידען, אין דרום=זייט; פון דרום; זיך בעוועגען נאך דרום; אין אסטראנאמיע — קרייצען אירגענדוואו דעם מערידיאן [וועגען א פלאנעט].

South *n.* (סאוטה) די דרום=שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

south'east' *n., a. and adv.* (סאוטה'-איעסט') דער זיד=אסט [די געגענד וואס איז צווישען דרום און מזרח]; דרומית=מזרחית; צווישען דרום=זייט און מזרח=זייט; צום אדער פון זיד=אסט.

south'eas'ter *n.* (סאוטה'-איעס'-טער) א זיד=אסטליכער ווינד אדער שטורם.

south'eas'terly *a. and adv.* (סאוטה'-איעס'-טער-לי) זיד=אסטליך; וואס ליעגט אין זיד=אסט, וואס געהט צו זיד=אסט, וואס קומט פון זיד=אסט; צום אדער פון זיד=אסט.

south'eas'tern *a.* (סאוטה'-איעס'-טערן) זיד=אסטליך, וואס ליעגט אין זיד=אסט.

south'east'ward *adv.* (סאוטה'-איעסט'-הווארד) צום זיד=אסט צו.

south'east'wardly *adv.* (סאוטה'-איעסט'-הווארד-לי) ז. *southeastward*.

sou'ther *n. and v.* (סאו'-טהער) א דרום=ווינד; זיך ווענדען צו דרום צו [וועגען א ווינד אדער לופט=וועלע].

south'erliness *n.* (סאטה'-ער-לי-נעס) זידליכקייט, דאס זיין זידליך.

south'erly *a., adv. and n.* (סאטה'-ער-לי) זידליך, וואס ליעגט אין זידען [דרום], וואס קומט פון דרום; צו דרום צו; די לאנג=עקיגע ענטעל [ז. *south-southerly*].

south'ermost *a.* (סאטה'-ער-מאוסט) ז. *southernmost*.

south'ern *a. and n.* (סאטה'-ערן) זידליך, דרום'דיג; פון דרום; א געבארענער אדער איינוואהנער פון דרום.

south'erner *n.* (סאטה'-ער-נער) אן איינוואהנער פון די זידליכע געגענדען; אן איינוואהנער פון די זיד=שטאאטען פון נארד=אמעריקא.

south'ern hem'isphere (סאטה'-ערן העמ'-אי-ספיער) די זידליכע העלפט פון דעם ערד=קוגעל.

south'ernism *n.* (סאטה'-ערנ-איזם) א ווארט אדער אויסדרוק וואס איז אייגענטימליך פאר די זידליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

south'ernize *v.* (סאטה'-ערנ-איז) פערזידליכען, איינפלאנצען די אידעען אדער די אייגענשאפטען פון דעם זידען; פערזידליכט ווערען, דורכגעדרונגען ווערען מיט די אידעען אדער אייגענשאפטען פון זידען.

south'ernmost *a.* (סאטה'-ערנ-מאוסט) זידליכסט, אין סאמע זיד=זייט, אין סאמע דרום=זייט.

South'ern States (סאטה'-ערן סטייטס) די זידליכע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [בעזאנדערס די שטאאטען אין וועלכע עס האט געהערשט נעגער=שקלאפעריי].

south'ernwood *n.* (סאטה'-ערנ-הוואוד) אזא שטרויך=ביימעל מיט זעהר שעהנע בלעטער, וועלכעס גיט ארוים פון זיך זעהר אן אנגענעהמען ריח.

sou'thing *n.* (סאו'-טהינג) די זידליכע ריכטונג, די ווענדונג צו דרום=זייט; די צייט ווען די לבנה אדער אן אנדער הימעלס=קערפער געהט דורך דעם מערידיאן אין וועלכען עס איז פלאץ; דער מרחק אדער די שטרעקע פון א הימעלס=קערפער אין דרום=זייט פון עקוואטאר; דער מרחק אדער שטרעקע זידליך געמאסטען פון א מערידיאן.

south'land *n. and a.* (סאוטה'-לענד) דאס זיד=לאנד; א לאנד אין דרום; זידלענדיש.

south'ly *adv.* (סאוטה'־לי) זידליך, צו דרום צו.
south'most *a.* (סאוטה'־מאוסט) אם זיד־ליכסטען; אין דער ווייטסטער ריכטונג צו דרום צו.
south pole (סאוטה פאול) דער זיד־פאל.
south'ron *n. and a.* (סאטה'־ראן) א זידלענדער, אן איינוואוהנער פון די זיד־ליכע געגענדען פון א לאנד; זידליך, פון דרום.
south'-see'king *a.* (סאוטה'־סיע'־קינג) וואס בעוועגט זיך אדער ווענדעט זיך צו דרום־זייט [ווי דער ענד פון א מאגנעט־נאדעל].
south'-south'erly *n.* ־(סאוטה'־סאטה'־ער־לי) די לאנג־עקיגע ענטעל [אזא קאטשקע מיט א לאנגען עק].
south'ward *a., adv. and n.* ־(סאוטה'־הווארד) זידליך, דרום־זייטיג; צום זידען, אין דרום־זייט; דער דרום, די זידליכע געגענד, די דרום־זייט; דער זידליכער ענד.
south'wardly *a. and adv.* ־(סאוטה'־הווארד־לי) זידליך, דרום־זייטיג; צום זי־דען, קיין דרום־זייט.
south'wards *adv.* (סאוטה'־הווארדז) צו דרום צו, אין דער זידליכער ריכטונג.
south'west' *n., a. and adv.* ־(סאוטה'־הוועסט') זיד־וועסט, די געגענד אדער דער פונקט צווישען דרום־זייט און מערב־זייט; א זיד־וועסט ווינד; דרומית־מערבית; פון זיד־וועסט; צום זיד־וועסט, קיין זיד־וועסט.
south'wes'ter *n.* (סאוטה'־הוועס'־טער) א זיד־וועסט ווינד; א שטורם־קאפע [א הוט וואס איז געמאכט פון א וואסער־דיכטען שטאף מיט א ברייטען ראנד פון הינטען צו בעשיצען דעם האלז פון רע־גען, ווי דאס טראגען די פישער אדער אנדערע זעע־לייט].
south'wes'terly *a. and adv.* ־(סאוטה'־הוועס'־טער־לי) זיד־וועסטליך; וואס קומט פון זיד־וועסט; צו זיד־וועסט, אין א זיד־וועסטליכער ריכטונג.
south'wes'tern *a.* ־(סאוטה'־הוועס'־טערן) זיד־וועסטליך; פון זיד־וועסט; וואס איז געריכטעט צו זיד־וועסט.
south'west'ward *a. and adv.* (סאוטה'־הוועסט'־הווארד) זיד־וועסטליך; צו זיד־וועסט צו.
south'west'wardly *adv.* ־(סאוטה'־הוועסט'־הווארד־לי) צו זיד־וועסט צו.
souvenir' *n.* (סוה־ווע־ניער') א סו־וועניר, אן עראינערונגס־צייכען, אן אנ־דענקונגס־צייכען.
sou''wes'ter *n.* (סאו'־הוועס'־טער) א פערקירצונג פון *southwester*.
sov'ereign *a. and n.* (סאווו'־ע־ריין) סואווערען, אונבעשרענקט, וואס האט די העכסטע מאכט; אלערהעכסט; קעניגליך, פרינצליך; בעפעהלענד; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט; העכסט ווירקזאם [ווע־גען מעדיצין]; א הערשער, א בעפעהלער; א מאנארך, א קעניג, א קייזער; א קע־ניגין, א קייזערין; א סאווריין [אן ענג־לישע גאלדענע מטבע פון 1 פונט אדער 20 שילינג וואס האט דעם ווערטה פון אמע־ריקאנער 4 דאלאר און 84 סענט].
sov'ereignly *adv.* (סאווו'־ע־ריינ־לי) אין העכסטען גראד; אויסערארדענטליך; מיט אונבעשרענקטקייט; אזוי ווי א סואי־ווערען אדער הערשער.
sov'ereign pow'er (סאווו'־ע־ריין פאו'־ער) די אלערהעכסטע מאכט אין א לאנד.
sov'ereign rem'edy (סאווו'־ע־ריין רעמ'־ע־די) אן אויסגעצייכענטע רפואה.
sov'ereign state (סאווו'־ע־ריין סטייט) א סואווערענער שטאאט, אן אונאבהענגי־גער שטאאט.
sov'ereignty *n.* (סאווו'־ע־ריינ־טי) סואווערעניטעט, אויבערהערשאפט; די העכסטע מאכט; די אונבעשרענקטקייט; די העכסטע ווירקזאמקייט אדער הייל־קראפט [פון א מעדיצינישען מיטעל].
sov'ran *a. and n.* (סאוו'־רען) ז. *sovereign*.
sow *v.* (סאו) זייהען; פערשפרייטען, פערברייטען; בעזייהען, בעשטרייען; בע־שפרענקלען.
sow *n. and a.* (סאו) א חזיר'טע, א נקבה פון א חזיר; א חזיר־לויז; א קא־נאל אדער רינע דורך וועלכער עס פליסט דאס געשמאלצענע מעטאל פון שמעלץ־אויוועז אין די גרויסע פורעמס, וואו עס ווערען אבגעגאסען גרויסע קלומפעס; א גרויסעס אונפערמיגעס שטיק גוס־מעטאל; אזא בעוועגליכער שוץ־דאך וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען פאר מיליטערישע צוועקען; א בעוועגליכער שוץ־דאך וואס קויהלען־גרעבער אדער בערג־ארבייטער בע־נוצען; ווייבליך [בעזאנדערס װעגען פיש].
sow'back *n.* (סאו'־בעק) א נידריגער און עטוואס שארפער רוקען פון א בערגעל פון אנגעשאטענעם זאמד אדער שטיינדלעך.
sow'bane *n.* (סאו'־ביין) דער מויער־גענזען־פוס [אזא פלאנצע וואס ווערט גע־האלטען אלס זעהר שעדליך פאר חזירים].
sow'bread *n.* (סאו'־ברעד) שווייננען־ברויט [אזא בלומען־פלאנצע, וועלכע ווערט גערן געגעסען פון חזירים].
sow'-bug *n.* (סאו'־באג) א שוויינ־לויז. ז. *hog-louse*.
sow'er *n.* (סאו'־ער) א זייהער, א זייה־מאשין; איינער וואס זייהט; א פער־שפרייטער, א פערברייטער.
sow'-gel'der *n.* (סאו'־געל'־דער) איי־נער וואס מאכט א חזיר'טע אונפרוכטבאר, צו פערבעסערען איהר פלייש און מאכען זי פעטער.
sow'ing *n.* (סאו'־אינג) דאס זייהען; דאס געזייהטע; דאס פערשפרייטען, דאס פערברייטען.
sow'ing-machine' *n.* ־(סאו'־אינג־מע־שין') א זייה־מאשין.
sown (סאון) געזייהט; פערשפרייט. ז. *sow*.
sow one's wild oats (סאו הוואנז ווּאילד אוטס) שטארק א לעב טהאן אין די יונגע יאהרען, הולטאיעווען אין דער יוגענד.
sow'skin *n.* (סאו'־סקין) חזיר־לעדער.
sow the sand (סאו טהי סענד) זייהען אין זאמד, טהאן אן אוננוציגע ארבייט.
sow'-this'tle *n.* (סאו'־טהיס'ל) די שוויין־דיסטעל [אזא ווילדע פעלד־פלאנ־צע, וועלכע האט אין זיך א מילך־זאפט און אויף וועלכער עס וואקסען קליינע געלבע בלומען־קעפלעך].
soy *n.* (סאי) סאיא־באב; סאוס פאר פיש אדער פלייש געמאכט פון סאיא־באב.
soy'-bean *n.* (סאי'־ביען) סאיא־באב [אזא פלאנצע אין יאפאן און נארד־אינ־דיען, אויף וועלכער עס וואקסט א מין באב, וואס ווערט פיעל געברויכט אין שפייזען און פון וועלכע עס ווערט אויך פאבריצירט אויל].
soz'zle *v. and n.* (סאזל) פערשלומפע־רען; בעשפריצען מיט בלאטע, פערפאטש־קען; א מישמאש, א שלומפעריי, א חזיר'שע אונארדנונג.
soz'zly *a.* (סאז'־לי) פערשלומפערט; נאכלעסיג, אבגעלאזען.
Sp. אן אבקירצונג פון *Spanish*.
S. P. ראשי תבות פון *Socialist party*.
spa *n.* (ספא) א מינעראל־קוועלע, א קוועלע פון מינעראל־וואסער.
space *n. and v.* (ספיים) דער רוים; דער שטח, די אויסדעהנונג; דער אב־שטאנד, דער מרחק אדער דיסטאנץ צווי־שען צוויי געגענשטענדע; דער צווישען־רוים; א צייט־רוים, די צייט־דויער צווי־שען איין פאסירונג און א צווייטער; א קורצע וויילע, א מאמענט; א פאסענדע געלעגענהייט; אין דרוק־קעריי — א שפאצע [א בליי־שטיקעל וואס ווערט ארייננגע־שטעלט צווישען די בוכשטאבען אין דרוק־שריפט]; דער רוים צווישען די נאטען־ליניען; צו־שפאצען [מאכען ליידיג ארט צווישען בוכשטאבען אין דרוק־שריפט].

Space-band

space'-band *n.* ־(ספיים'־בענד) די שפאצע, אזא שטא־לענער קליין, וואס שטעלט זיך אריין צווישען די מאטריצען [די פורמס פאר די בוכשטאבען אין א שריפטזאץ־מאשין].
space'ful *a.* (ספיים'־פול) בריים, אויס־געדעהנט; מיט א ברייטען שטח.
space'less *a.* (ספיים'־לעס) אהן רוים.
space'-line *n.* (ספיים'־לאין) א דורכ־שוס־ליניע אדער שפאנע [א דין בליי־בלעכעל, וואס ווערט ארייננגעשטעלט צווי־שען די שורות פון שריפט־זאץ, כדי צו מאכען זיי שיטערער].
space of time (ספיים אוו טאים) א געוויסע צייט־דויער.
space'-percep'tion *n.* ־(ספיים'־פער־סעפ'־שאן) דאס בעגרייפען אדער בעגרעה־מען דעם רוים [ד. ה. די קערפער אין זייער אויסדעהנונג און בעוועגונג].
space'-rela'tion *n.* ־(ספיים'־רי־ליי'־שאן) דאס רוים־פערהעלטניס.
space'-rule *n.* (ספיים'־רוהל) אין דרוק־קעריי — א דין בליי־בלעכעל, אויף וועל־כען עס דרוקט זיך אב א ליניע.
space'-wri'ter *n.* (ספיים'־ראי'־טער) א שרייבער אין א צייטונג אדער זשור־נאל, וועלכער בעקומט געצאהלט לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פערנעהמט [לויט דער צאהל צייטונגס־שפאלטען, שורות אדער ווערטער].
space'-wri'ting *n.* (ספיים'־ראי'־טינג) די סיסטעם פון בעצאהלען א שרייבער לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פער־נעהמט אין צייטונג אדער זשורנאל [לויט דער צאהל שפאלטען, שורות אדער ווער־טער].
spa'cial *a.* (ספיי'־שעל) ז. *spatial*.
spa'cing *n.* (ספיי'־סינג) דאס פאנאנדער־שפאצען, דאס מאכען לעדיג ארט צווי־שען בוכשטאבען אדער ווערטער אין דרוק־שריפט; דאס צוטיילען א שטח אדער אויבערפלעכע אין בעזונדערע טיילען.
spa'cious *a.* (ספיי'־שאס) ברייט, געראם.
spa'ciously *adv.* (ספיי'־שאס־לי) אויף א ברייטען, געראמען שטייגער.

spa'ciousness *n.* (ספּיי'-שאס-נעס) גערוימיקייט, ברייטקייט.

spăd'assin *n.* (ספּעד'-ע-סין) איינער וואס קען גוט פעכטען מיט א שווערד.

spade *n. and v.* (ספּייד) א רידעל, א לאפּעטע, א גראב־אייזען; פּיק אדער גרין [אין קארטען]; א סריס, א יעוונוך [א קאסטרירטער מאנסביל]; א קאסטרירטע בהמה אדער חיה; גראבען מיט א רידעל אדער גראב־אייזען.

spade'-farm *n.* (ספּייד'-פארם) לאנד וואס ווערט בעארבייט מיט א רידעל אדער גראב־אייזען.

spade'ful *n.* (ספּייד'-פול) א פולע לא־פּעטע אדער רידעל [וויפיעל מען קען אננעהמען מיט א לאפּעטע אדער רידעל].

spade'-han'dle *n.* (ספּייד'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א לאפּעטע אדער רי־דעל.

spade'-hus'bandry *n.* (ספּייד'-האז'-בענד-רי) דאס בעארבייטען די ערד מיט א לאפּעטע אדער רידעל אנשטאט אן אקער־אייזען.

spa'der *n.* (ספּיי'-דער) איינער אדער עפּעס וואס גראבט; א גראב־מאשין.

spadi'ceous *a.* (ספּע-דיש'-יאס) אין באטאניק — ווי א בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spadil'io *n.* (ספּע-דיל'-יאו) ז. *spadille*.

spadille' *n.* (ספּע-דיל') די שפּאדילע, די טויז פּיק אדער גרין [אין געוויסע קארטען־שפּיעלען].

spa'dix *n.* (ספּיי'-דיקס) אין באטא־ניק — די בליטהען־קאלבע, א בליהונגס־פארם פון געוויסע פּלאנצען, וואו די בלי־טהען זיינען צוזאמענגעזעצט אין איין קע־פעל מיט א דיקען בלומען־אקס.

spado'ne *n.* (ספּע-דאו'-נע) אזא גרוי־סע שווערד מיט א ברייטען קלינג.

spaghet'ti *n.* (ספּע-געט'-טי) אזא־זארט איטאליענישע לאקשען אדער מאקאראנען.

spa'hee *n.* (ספּא'-היע) א טערקישער קאוואלעריסט; א קאוואלעריסט פון דעם פראנצויזישען מיליטער אין אלזשיר.

spall *v. and n.* (ספּאהל) צושפּאלטען אויף שטיקער; א שפּאן; א שפּליטער.

spalt *v. and n.* (ספּאהלט) אבשפּאלטען; אזא ווייסער מינעראל וואס שפּאלט זיך אויף בלעטלעך.

span *n. and v.* (ספּען) א שפּאן, די שטרעקע צווישען דעם אויסגעצויגענעם גראבען פינגער און דעם מעזינעק [דער קליינער פינגער] פון דער האנד; א קליי־נע שטרעקע; א קליינער אינטערוואל; אין ארכיטעקטור — די שטרעקע צווי־שען די זיילען וואס שטיצען אונטער אן ארקע; א געשפּאן פון א פּאר פערד וואס זיינען עהנליך צווישען זיך לויט זייער קאליר און גרויס; א געשפּאן פון צוויי אדער עטליכע אקסען; דאס וואס פאר־בינדט אדער ציהט צוזאמען; א פּענטע פון א פערד; מעסטען מיט'ן שפּאן; אויס־ציהען פון איין פונקט ביז'ן צווייטען; צוזאמענציהען, צוזאמענבינדען; צופּאסען איינעם צום צווייטען [וועגען א פּאר פערד]; שפּאנען, געהן פּארווערטס טריט־ווייז; איינשפּאנען [ווי א פערד אין א קארעט].

spanæ'mia *n.* (ספּע-ניע'-מי-א) ז. *spanemia*.

span'drel *n.* (ספּענ'-דרעל) אין ארכי־טעקטור — דער דריי־עק וואס בילדעט זיך אויס צווישען דער אויבערשטער הארי־זאנטאלער ליניע פון דער וואנד און ביי־דע געגענזייטיגע בויגענס פון צוויי אר־קען.



Spandrel

spane'mia *n.* (ספּע-ניע'-מי-א) בלוט־ארעמקייט; שיטערקייט פון בלוט; דאס האבען צופיעל וואסער אין בלוט. ז. *hydremia*.

span'gle *n. and v.* (ספּענגל) א פּליטע־רעל, א בלישטשענדעס שטיקעל מעטאל; בעפּליטערען, בעשיטען מיט פּליטערלעך; בעשפּרענקלען; בעזעצען, בעציערען [מיט פּליטערלעך].

span'gled *a.* (ספּענגלד) בעפּוצט מיט פּליטערלעך, בעשפּרענקעלט, בעשאטען מיט בלישטשענדע שטיקעלעך מעטאל.

span'gled skies (ספּענגלד סקייז) די אויסגעשטערענטע הימלען.

span'gler *n.* (ספּענ'-גלער) איינער וואס בעציערט אדער בעפּוצט עפּעס מיט פּלי־טערלעך.

span'gly *a.* (ספּענ'-גלי) וואס בליש־טשעט ווי מיט פּליטערלעך.

Span'iard *n.* (ספּענ'-יארד) א שפּא־ניער, איינער פון שפּאניען.

span'iel *n. and a.* (ספּענ'-יעל) דער וואכטעל־הונד [א געוועהנליכער הויז־הונד מיט לאנגע ווייכע און געקרייזעלטע האר, מיט לאנגע אראבהענגענדע אויער־רען און מיט אן עק מיט לאנ־גע האר]; א שמייכלער, א חונף, אן אונ־טערלעקער; שמייכלעריש; אונטערלעקענד.

Span'iolize *v.* (ספּענ'-אי-א-לייז) ז. *Hispaniolize*.

Span'ish *a. and n.* (ספּענ'-איש) שפּא־ניש; וואס איז שייך צו שפּאניען אדער צו די שפּאניער; די שפּאנישע שפּראך.

Span'ish bay'onet (ספּענ'-איש ביי'-א-נעט) אן ארט דרום־אמעריקאנישע פּאל־מען־עהנליכע פּלאנצע מיט לאנגע שווער־דען־פארמיגע בלעטער.



Spanish Bayonet

Span'ish dag'ger (ספּענ'-איש דעג'-ער) ז. *Spanish bayonet*.

Span'ish fly (ספּענ'-איש פלאי) א שפּאנישע פליעג [אזא פליעג וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס אן אנריי־סענדער פּלאסטער].

Span'ish main (ספּענ'-איש מיין) דער צפון־מזרח'דיגער ברעג פון דרום־אמעריקא צווישען פּאנאמא און דעם אויסגוס פון דעם טייך ארינאקא.

Span'ish pota'to (ספּענ'-איש פּא-טיי'-טאו) ז. *sweet-potato*.

spank *v. and n.* (ספּענק) קלאפּען [מיט דער האנד־פלעכע]; פּליאסקען; פּאטשען אין תחת; שמייסען; טרייבען; זיך יא־גען; זיך טראגען געשווינד; א פּאטש אין תחת.

span'ker *n.* (ספּענ'-קער) איינער וואס געהט מיט גרויסע שנעלע טריט; א שנעל־לויפענדעס פערד, א ריסאק; עפּעס זעהר גרויסעס; עפּעס וואס האט אן אומגעוועהנ־ליכע מאס; דאס בויזאן־זעגעל [איינס פון די זעגלען אויף א שיף].

span'king *a. and n.* (ספּענ'-קינג) זעהר גרויס, אנזעהנליך; מיט גרויסע שנעלע טריט; דאס פּליאסקען, דאס פּאטשען מיט דער האנד־פלעכע [דאלאניע].

span'less *a.* (ספּענ'-לעס) וואס קען ניט געמאסטען ווערען מיט'ן שפּאן.

span'-long *a.* (ספּענ'-לאהנג) א שפּאן לאנג.

span'ner *n.* (ספּענ'-ער) אן אינסטרו־מענט אדער געצייג צום אנציהען אדער צו האלטען אנגעצויגען אדער געשפּאנט; א קווער־באלקען, א שפּאן־באלקען; א שרויפען־ציהער אדער שרויפען־שליסעל; א שפּאן־ווארם [א ווארם וואס בעוועגט זיך פּארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפּאנענדיג. ז. *spanworm*].

span'-new *a.* (ספּענ'-ניו) שפּאגעל־ניי.

span'worm *n.* (ספּענ'-וואירם) א שפּאן־ווארם [איינער פון די אינזעקטען־לארווען, וועלכע בעוועגען זיך פּארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפּאנענדיג].

Spanworm

spar *n. and v.* (ספּאר) א שפּאט [דער שפּאט [אן ארטיגער קריסטאל־פארמיגער מינע־ראל]; דער ספּאר [אזא ווייסער פיש פון אטלאנטישען אקעאן]; אויף א שיף — א רונדער באלקען וואס דיענט פאר א מאסט אדער פאר א ראהע [דער קווער־הענגענ־דער באלקען, צו וועלכען עס איז צוגע־פעסטיגט א זעגעל] א. ד. ג.; די איבונג אין באקסער אדער פויסטען־קאמפּף; באק־סירען, זיך שלאגען מיט די פויסטען [אין א וועט־קאמפּף]; זיך צאנקען, זיך קריע־גען; זיך שלאגען [ווי העהנער מיט די שפּארען]; בעזארגען א שיף מיט רונדע באלקענס פאר מאסטען אדער ראהען.

spar'able *n.* (ספּער'-עבל) א מין טשוועק־לעך אהן קעפּלעך, מיט וועלכע מען שלאגט אן זוילען אדער פּאדעשוועס אויף שיך.

spar'adrap *n.* (ספּער'-ע-דרעפּ) אין מעדיצין — א לייוונטענער אדער פּאפּיע־רענער פּלאסטער.

spare *v., a. and n.* (ספעהר) 1. שפּארען, ערשפּארען, אבשפּארען; לעבען קארג; 2. שוינען; 3. שפּארזאם; 4. גענוגזאם; מאגער; 5. איבריג; אנגעגרייט, זאפּאסנע; 6. דאס שפּארען, שפּארזאמקייט; 7. אין קעגעל־שפּיעל — דאס אנידערוואַרפען אלע קעגעל דורך דעם ראָלען פון צוויי באַלען.
2. Spare the rod and spoil the child. 4. He ate a spare breakfast in our cottage. 5. We have a spare room for guests.

spare for (ספעהר פאר) אבשפּארען, פערהיטען, זשאלעווען [צוליעב עפּעס].

spare for noth'ing (ספעהר פאר נאטה'־אינג) אויף קיין זאך ניט קארגען; גאר נישט זשאלעווען.

spare'ly *adv.* (ספעהר'־לי) קארגליך.

spare'-mast *n.* (ספעהר'־מעסט) א רעזערוו־מאסט [אויף א שיף].

spare'ness *n.* (ספעהר'־נעס) מאגערקייט; קנאפּקייט.

spar'er *n.* (ספעהר'־ער) א שפּארער; א גוטער עקאנאם.

spargano'sis *n.* (ספאר־גע־נאו'־סיס) ז. *spargosis*.

sparge *v.* (ספארדזש) בעשפּרענקלען, בעשפּריצען.

spargefac'tion *n.* (ספאר־דזשי־פעק'־שאן) דאס בעשפּרענקלען, דאס בעשפּריצען.

spar'ger *n.* (ספאר'־דזשער) א שפּריצער [ווי צו בעשפּריצען פּאפּיער, קליידער ד. ד. ג.].

spargo'sis *n.* (ספאר־גאו'־סיס) אין פּאטאלאגיע — אן אויפשוועלונג פון די בריסט מיט מילך.

spar'ing *a. and n.* (ספעהר'־אינג) שפּארזאם, גענוגזאם; קנאפּ; קארג; שפּארזאמקייט, קארגשאפט.

spar'ingly *adv.* (ספעהר'־אינג־לי) קארגענדיג; אויף א קארגען, קנאפּען שטייגער.

spar'ingness *n.* (ספעהר'־אינג־נעס) שפּארזאמקייט; קארגקייט.

spark *n. and v.* (ספארק) א פונק; א דימענטעל [אין אן איינפאסונג]; א לעבעדיגער, לוסטיגער יונג; א פראנט, א גאלאנטער קאוואליער; פונקען, שפּריצען מיט פונקען, ארויסלאזען פונקען; אוכאזשעווען, זיך שדכנ'ען; פּראנטעווען, ארויסשטעלען זיך פאר א גאלאנטען קאוואליער.

spar'kish *a.* (ספאר'־קיש) מונטער, לעבעדיג; געפּוצט, פּראנטיש.

spar'kle *n. and v.* (ספארקל) א פונק; דאס פינקלען; פונקען, פינקלען; גלענצען.

spark'ler *n.* (ספארק'־לער) איינער אדער עפּעס וואס פינקעלט אדער שיינט.

spark'less *a.* (ספארק'־לעס) אהן פונקען; וואס לאזט ניט ארויס קיין פונקען.

spark'lessly *adv.* (ספארק'־לעס־לי) ניט ארויסלאזענדיג קיין פונקען.

spark'ling *a.* (ספארק'־לינג) פינקלענד, גלענצענד; שוימענד, וואס שוימט [ווי וויין].

spark'ling champagne' (ספארק'־לינג שעם־פּיין') שוימענדער שאמפּאניער.

spark'lingly *adv.* (ספארק'־לינג־לי) פינקלענדיג; מיט גלאנץ.

spark'lingness *n.* (ספארק'־לינג־נעס) פינקעלדיגקייט, גלאנץ.

sparks of wit (ספארקס אוו הוויט) וויציגע איינפעלע.

spar'ling *n.* (ספאר'־לינג) א סטינט, א סטינקע [אזא קליין פישעל].

spar'rer *n.* (ספאר'־ער) א באקסער, א פויסטען־שלעגער [אין וועט־קאמפּף].

spar'row *n.* (ספער'־או) א שפּערלינג, א ווארא־בייטשיק.

Sparrow

spar'row-grass *n.* (ספער'־או־גרעס) ז. *asparagus*.

spar'row-hawk *n.* (ספער'־או־האהק) א קליינער פאלק־פויגעל אדער סאקאל, וואס ערנעהרט זיך מיט קליינע פויגעלעך, ווי שפּערלינגע א. ד. ג.

spar'row-tail *n. and a.* (ספער'־או־טייל) ז. *swallowtail*.

spar'ry *a.* (ספאר'־אי) שפּאט־פערמיג. ז. *spathose*.

sparse *a.* (ספארס) שיטער, צושפּרייט, פאנאנדערגעווארפען.

sparse'ly *adv.* (ספארס'־לי) אויף א שיטערען, צושפּרייטען אדער פאנאנדערגעווארפענעם שטייגער.

sparse'ness *n.* (ספארס'־נעס) שיטערקייט, צושפּרייטקייט, פאנאנדערגעווארפענקייט.

spar'sity *n.* (ספאר'־סי־טי) שיטערקייט, צושפּרייטקייט.

Spar'tan *a. and n.* (ספאר'־טען) ספּארטאניש; וואס געהערט צו ספּארטא [א געגענד אין פארצייטיגען גריכענלאנד]; א ספּארטאנער, אן איינוואוהנער פון ספּארטא.

Spar'tanism *n.* (ספאר'־טען־איזם) ספּארטאניזם, ספּארטאנישער גייסט; שטארקייט, מוטה.

spar'terie *n.* (ספאר'־טער־אי) געפלאכטענע ארבייט פון עספּארטא־גראז. ז. *esparto*.

Spar'tiate *n.* (ספאר'־טי־אייט) א ספּארטיאט, א ספּארטאנער [אן איינוואוהנער פון ספּארטא].

sparve *n.* (ספארוו) א שפּערלינג. ז. *sparrow*.

spasm *n.* (ספעזם) קראמפּף, ספּאזמען.

spasmat'ic *a.* (ספעז־מעט'־איק) ז. *spasmodic*.

spasmat'ical *a.* (ספעז־מעט'־אי־קעל) ז. *spasmodic*.

spasmod'ic *a.* (ספעז־מאד'־איק) קראמפּפהאפט, ספּאזמיש.

spasmod'ical *a.* (ספעז־מאד'־אי־קעל) ז. *spasmodic*.

spasmod'ically *adv.* (ספעז־מאד'־אי־קעל־אי) מיט שטארקע קרעמפּפען אדער ספּאזמען.

spasmol'ogy *n.* (ספעז־מאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען קראמפּף אדער ספּאזמען.

spas'mus *n.* (ספעס'־מאס) ז. *spasm*.

spas'tic *a.* (ספעס'־טיק) ז. *spasmodic*.

spas'tically *adv.* (ספעס'־טי־קעל־אי) מיט ספּאזמען; דורך קראמפּף.

spastic'ity *n.* (ספעס־טיס'־אי־טי) קראמפּפהאפּטיגקייט; דאס האבען א נייגונג צו ספּאזמען.

spat *v. and n.* (ספּעט) לייכט קלאפּען אדער פּליאסקען; שלאגען; זיך האמפּערען, זיך קריעגען; ארויסווארפען רויגען אדער איקרע [וועגען א זשעלע־פיש]; בעשמוצען, בעפלעקען; א צאנקעריי, מחלוקות, קריעג; רויגען אדער איקרע [פון אן אויסטער]; א פּליאסק, א לייכטער פּאטש מיט דער האנד; א גרויסער רעגען־טראפּען; געשפּיגען [ז. *spit*].

spatch'-cock *n.* (ספעטש'־קאק) א נאר וואס געקוילעטע און געבראטענע הוהן.

spa'tha *n.* (ספּיי'־טהא) א לאנגע, שווערע, צווייזייטיגע שווערד; אין באטאניק — א ברייטעס און קאלירטעס בלעטעל אויף דעם שטענגעל פון א בלום. ז. *bract*.

spathe *n.* (ספּייטה) אין באטאניק — א ברייטעס און אפט קאלירטעס בלאט, וואס וויקעלט איין די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spathed *a.* (ספּייטהד) אין באטאניק — וואס האט א ברייטען און אפט קאלירטען בלאט, אין וועלכען עס איז איינגעוויקעלט די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spath'ic *a.* (ספעטה'־איק) אין מינעראלאגיע — שפּאטיש, עהנליך צו שפּאט [וועגען מינעראלען, וואס שפּאלטען זיך אויף דינע פּלאטען].

spa'those *a.* (ספּיי'־טהאוס) אין באטאניק — עהנליך צו דעם אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spath'ose *a.* (ספעטה'־אוס) אין מינעראלאגיע — שפּאט־פערמיג; וואס האט די איינגענשאפטען פון שפּאט [וועגען מינעראלען, וועלכע שפּאלטען זיך אויף דינע פּלאטען].

spa'thous *a.* (ספּיי'־טהאס) עהנליך צום אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spathose*.

spa'tial *a.* (ספּיי'־שעל) רוימליך, וואס איז שייך צו רוים אדער ארט.

spatial'ity *n.* (ספּיי־שי־על'־אי־טי) רוימליכקייט; אויסגעצויגענקייט אין רוים.

spa'tially *adv.* (ספּיי'־שעל־אי) בנוגע צו רוים.

spatil'omancy *n.* (ספּע־טיל'־א־מענ־סי) דאס נביאות־זאגען לויט די סמנים פון צאה אדער טינוף פון חיות.

spat'ter *v. and n.* (ספּעט'־ער) בעשפּריצען מיט שמוץ; בעשפּייען; בעפלעקען, פערלוימדען; בעשפּריצט ווערען, בעפלעקט ווערען; בעשפּריצונג, בעפלעקונג; דער קלאנג פון פאלענדע שפּריץ־טראפּענס; א שפּריץ, א שפּיי; א פלעק פון א שפּריץ.

spat'terdashes *n.* (ספּעט'־ער־דעש־עז) קאמאשען, כאליעוועס.

spat'ter-dock *n.* (ספּעט'־ער־דאק) ז. *pond-lily*.

spat'terwork *n.* (ספּעט'־ער־הוואירק) שפּריץ־ארבייט, דאס מאכען פיגורען אויף א זאך דורך שפּריצען אויף איהר א געוויסען פארב־שטאף; די זאכען וואס ווערען אויסגעארבייט אויף אזא אופן.

spat'tle *n.* (ספּעטל) שפּייעכץ; א קליינע לאפּעטקע וואס ווערט בענוצט צו בעשמיערען א פּלאסטער; אין טעפּעריי — אן אינסטרומענט צו בעשפּרענקלען א כלי מיט א פארבענדען שטאף.

spat'ula *n.* (ספּעט'־יו־לא) א שפּאטעל [אזא לעפעל־עהנליכע לאפּעטקע וואס ווערט בענוצט צו שמיערען פּלאסטער]; די לאפּעטקע פון קובער אדער בעקער,

מיט וועלכער ער קעהרט איבער די זאך וואס באקט זיך; אין כירורגיע — אזא לעפעל־פערמיגער אינסטרומענט ארונטער־צודריקען דעם צונג ביים אונטערזוכען אדער ביי אן אפעראציע.

spat'ulamancy *n.* (ספעט'־יו־לע־מענ־סי) דאס נביאות זאגען לויט די סמנים פון דער לאפעטקע פון א שעפס.

spat'ular *a.* (ספעט'־יו־לאר) ז. *spatulate*

spat'ulate *a.* (ספעט'־יו־לייט) וואס האט די פארם פון א שפאטעל. ז. *spatula*

spat'uliform *a.* (ספעט'־יו־לי־פארם) שפאטעל־פערמיג, עהנליך צו א שפאטעל. ז. *spatula*

spav'in *n.* (ספעוו'־אין) א געשוויר אדער אנוואוקס ביי א פערד אויף'ן הינטערשטען פוס.

spav'ined *a.* (ספעוו'־אינד) מיט א מכה אויף'ן פוס [וועגען א פערד]; הינ־קעדיג.

spawl *v. and n.* (ספאהל) שפייען; שפייעכץ.

spawn *n., v. and a.* (ספאהן) רויגען אדער איקרע [פון פיש]; די אייער פון זשאבעס; די ברוט, די אויסבריהונג; ארויסלאזען איקרע אדער רויגען [וועגען דער נקבה פון פיש]; ארויסקומען; ארויס־ברייגגען, געבעהרען; וואס ענטהאלט רוי־גען אדער איקרע.

spaw'ner *n.* (ספאה'־נער) א רויגען־פיש [די נקבה פון פיש]; א בעשעפעניש וואס ווארפט אב רויגען אדער איקרע [ווי א פראש, אן אויסטער א. ד. ג.].

spaw'ning *n.* (ספאה'־נינג) דאס אב־ווארפען רויגען אדער איקרע [וועגען פיש].

spaw'ning-bed *n.* (ספאה'־נינג־בעד) אן ארט אויף'ן גרונט פון א טייך וואו פיש ווארפען אב זייערע רויגען אדער איקרע.

spay *v. and n.* (ספיי) קאסטרירען, מאכען אוים זכר, מסרס זיין; א דריי־יעהריגער הירש [א זכר].

S. P. C. A. ראשי תבות פון די ווערטער *Society for the Prevention of Cruelty to Animals* די צער־בעלי־חיים געזעלשאפט [א געזעלשאפט וואס גיט אכטונג אז מען זאל ניט בעהאנדלען אכזריות'דיג בהמות].

S. P. C. C. ראשי תבות פון די ווערטער *Society for the Prevention of Cruelty to Children* [א געזעל־שאפט וואס דערלאזט ניט קיין אכזריות'־דיגע בעהאנדלונג פון קינדער].

speak *v.* (ספיעק) רעדען, שפרעכען; האלטען א רעדע; זאגען, דערצעהלען; איבערגעבען עפעס דורך קלאנגען; קלינ־גען [פון אן ארגעל]; בילען לויט'ן בעפעהל [וועגען א הונד]; זיך אויסדריקען מיט ווערטער: אנרופען; אויסשפרעכען.

speak'able *a.* (ספיעק'־עבל) שפרעכליך, אויסשפרעכליך, וואס לאזט זיך אויס־שפרעכען.

speak by the card (ספיעק באי טהי קארד) רעדען פינקטליך.

speak dag'gers (ספיעק דעג'־ערז) רע־דען מיט שטעך־ווערטלעך.

speak'er *n.* (ספיעק'־ער) א שפרעכער; א רעדנער; א לעהר־בוך פאר דעקלאמא־ציאנען.

Speak'er *n.* (ספיעק'־ער) דער ספיקער, דער פארזיצענדער פון פארלאמענט [אין ענגלאנד] אדער פון קאנגרעס [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

speak'ership *n.* (ספיעק'־ער־שיפ) דאס אמט פון ספיקער אין פארלאמענט. ז. *Speaker*

speak fair (ספיעק פעהר) רעדען זיס אדער פריינדליך.

speak for (ספיעק פאר) 1. רעדען פאר אימעצען אדער עפעס; 2. אנדייטען, אנ־צייגען.

2. The great number of factories in New York **speaks for** the industrial development of this city.

speak'ing *a.* (ספיעק'־אינג) 1. וואס רעדט; 2. וואס דריקט אויס.

2. This photograph is a **speaking** likeness of me.

speak'ing acquaint'ance (ספיעק'־אינג ע־קהווינט'־ענס) ניט קיין נאהענטע בעקאנטשאפט; א פערזאן, מיט וועלכער מען איז בעקאנט נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל מען בעגריסט זיך מיט איהר פארמאל.

speak'ingly *adv.* (ספיעק'־אינג־לי) רעדענדיג; אויף א רעדענדער ארט.

speak'ing terms (ספיעק'־אינג טוירמז) א בעציהונג צווישען פערזאנען, ווען זייער בעקאנטשאפט איז נור א פארמאלע, ניט קיין נאהענטע.

speak'ing-trum'pet *n.* (ספיעק'־אינג־טראמ'־פעט) א מעגאפאן, א שפרעך־טרו־מייט [אזא טרובע, דורך וועלכער דאס קול הערט זיך שטארק]. ז. *megaphone*

speak'ing-tube *n.* (ספיעק'־אינג־טיוב) א שפרעך־רעהר [א רעהר, דורך וועלכער מען רעדט פון איין צימער אדער פון איין עטאזש צו א צווייטען].

speak'ing-voice *n.* (ספיעק'־אינג־וואיס) דאס קול וואס ווערט געברויכט אין רעדען [אין געגענזאץ צום קול וואס ווערט געברויכט אין זינגען].

speak of (ספיעק אוו) רעדען וועגען אימעצען אדער עפעס; אנצייגען, אנדיי־טען, דערמאנען וועגען עפעס ווי וועגען א וויכטיגער זאך.

speak one's mind (ספיעק הוואנז מאינד) אויסדריקען שארף די מיינונג.

speak out (ספיעק אוט) רעדען הויך, דייטליך; רעדען אפען; אויסזאגען, אויסרעדען.

speak rid'dles (ספיעק רידלז) רעדען מיט רעטענישען; רעדען פערשטעלט.

speak to (ספיעק טו) ענטפערען פאר עפעס אדער אימעצען; אבגעבען א רעכ־נונג; בעריכטיגען, בעשטעטיגען; ווארנען, מזהיר זיין, מוסר זאגען.

speak to the point (ספיעק טו טהי פאינט) רעדען צום פונקט, רעדען צו דער זאך.

speak up (ספיעק אפ) זיך פריי אויס־שפרעכען.

speak well for (ספיעק הוועל פאר) זיין א גוטער סמן פאר עפעס.

His achievements **speak well for** his ability.

speal'-bone *n.* (ספיעל'־באון) דאס שול־טער־בלאט, די שולטער־לאפעטקע, דער אקסעל־ביין. ז. *shoulder-blade*

spear *n. and v.* (ספיער) א פיקע, א לאנגער שפיען; א פערזאן בעוואפענט מיט א פיקע; א הארפון [אזא פיקע צו שטעכען פיש]; דאס בלעטעל אדער שטענ־געל פון אן ארויסשפראצענדער פלאנצע [ווי פון א גראז]; שטעכען מיט א שפיען; דורכשטעכען; ארויסשפראצען מיט א בלעטעל אדער שטענגעל.

spear'er *n.* (ספיער'־ער) איינער וואס איז בעוואפענט מיט א פיקע אדער שפיען; א שטעכער, א דורכשטעכער.

spear'-fish *n.* (ספיער'־פיש) א פיש מיט א לאנגער שטאכעל־פערמיגער נאז אדער שנויץ.

Spear-fish

spear'-foot *n.* (ספיער'־פוט) דער רעכטער הינטערשטער פוס פון א פערד.

spear'-grass *n.* (ספיער'־גרעס) איינס פון די גראזען, וואס האבען שפיעזען־עהנליכע בליהונגען אדער הארטע שפיצי־גע בלעטער.

spear'-hand *n.* (ספיער'־הענד) די רעכ־טע האנד אדער די רעכטע זייט פון א קאוואלעריסט [די האנד, אין וועלכער ער האלט די פיקע].

spear'-head *n.* (ספיער'־העד) דאס קע־פעל פון א שפיען.

spear'man *n.* (ספיער'־מען) א פיקע־רייטער, א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיקע.

spear'mint *n.* (ספיער'־מינט) די גרינע מינצע אדער מיאטע [אזא פלאנצע וואס גיט ארויס א שארפען שמעקענדען זאפט]. ז. *Mentha*

spear'-point *n.* (ספיער'־פאינט) דער שפיץ פון א שפיען.

spec *n.* (ספעק) ז. *speculation*

spec. פערקירצונג פון *specimen*

spe'cial *a. and n.* (ספעש'־על) ספעציעל, בעזונדער; אויסערארדענטליך, אויסער־געוועהנליך, עקסטרא; בעצייכענט אדער בעשטימט פאר א בעזונדערען צוועק; וואס בעצייכענט א בעזונדערען מין; א פערזאן אדער זאך וואס איז בעשטימט געווארען פאר א ספעציעלען צוועק.

spe'cial a'gent (ספעש'־על איי'־דזשענט) א ספעציאל־אגענט, אן אגענט וואס איז בעפאלמעכטיגט בלויז פאר א ספעציעלער אנגעלעגענהייט.

spe'cial case (ספעש'־על קיים) א גע־ריכטס־פראצעס וואס ווערט געפיהרט אויף אן אנדער שטייגער איידער א געוועהנ־ליכער געריכטס־פראצעס; א געריכטס־פראצעס, וואס ווערט געפיהרט, כדי צו בעשטימען א נייעם רעכט אדער א נייע פערגעלטונג; א משפט וואס ווערט אי־בערגעלאזען אויף דער בעשטימונג פון געריכט בנוגע צו א געוויסער רעכטס־פראגע.

spe'cial dam'ages (ספעש'־על דעמ'־ע־דזשעז) די פערגעלטונג פאר א היזק, וואס איז ניט קיין נויטיגע, אונבעדינגטע פאלגע פון ברעכען א קאנטראקט אדער פון אן אנדערער אונגעזעצליכער טהאט [ווי למשל, דער היזק וואס איינער פאדערט פאר ברעכען דעם צוזאג חתונה צו הא־בען].

spe'cial deliv'ery (ספעש'־על די־ליוו'־ער־אי) אייל־פאסט, בריעף און פא־קעטען וואס ווערען פאר א געוויסער גע־צאהלט צוגעשטעלט דורך פאסט, גלייך ווי זיי קומען דארטען אן, מיט א ספעציעלען בריעף־טרעגער, ניט ווארטענדיג אויף דער רעגולערער צייט ווען געוועהנליכע בריעף אדער פאקעטען ווערען פאנאנדער־געטראגען.

spe'cial depos'it (ספעש'־על די־פאז'־איט) אוועקגעלעגטעס געלד אין א באנק, וואס די באנק האט קיין רעכט ניט דערמיט זיך צו בענוצען נאר מוז עס

האלטען אומצוקעהרען ווען עס ווערט געפאדערט; געלד אוועקגעלעגט אין א באנק אויף געוויסע פראצענטען אהן דעם רעכט עס ארויסצונעהמען ביסלעכווייז אויף טשעקס.

spe'cial edi'tion (ספעש'-על ע-דיש'-אן) א ספעציעלע אויסגאבע, אן עקסטרא-אויסגאבע [פון א צייטונג, בוך א. ז. וו.].

specialisa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***specialization***

spe'cialise *v.* (ספעש'-על-איז) ז. ***specialize***

spe'cialism *n.* (ספעש'-על-איזם) דאס אבגעבן זיך מיט א בעזונדערער ספעציאליטעט.

spe'cial is'sue (ספעש'-על איש'-או) א שטרייט-פראגע אין א משפט, אין וועלכען נור א טייל פון דער קלאגע ווערט אבגעלייקענט פון דעם אנגעקלאגטען; א בעזונדערע שטרַייט-פראגע וואס ענטוויקעלט זיך פון דער הויפט שטרייט-פראגע.

spe'cialist *n.* (ספעש'-על-איסט) א ספעציאליסט, איינער וואס גיט זיך אב מיט א בעזונדערען טייל פון א פראפעסיאן, פון א וויסענשאפט אדער קונסט.

specialis'tic *n.* (ספעש-ע-ליס'-טיק) ספעציאליסטיש; וואס איז שייך צו א ספעציאליסט.

special'ity *n.* (ספעש-אי-על'-אי-טי) א בעזונדערער פאל, א בעזונדערער אומשטאנד; א ספעציעלע זאך; א ספעציאליטעט, א בעזונדערקייט; די ספעציעלקייט.

specializa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) דאס ספעציאליזירען, דאס צוגעבען צו בעזונדערע טיילען פון איין גאנצעס כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען זיי איינע פון די אנדערע; דאס זיין ספעציאליזירט אדער אונטערגעשיידעט פון די אנדערע טיילען לויט כאראקטעריסטישע סמנים; אין ביאלאגיע — די דיפערענציאציאן, די ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער דורך דער צוטיילונג אין בעזונדערע ארגאנען, וועלכע האבען בעזונדערע פונקציעס.

spe'cialize *v.* (ספעש'-על-איז) ספעציאליזירען, צוגעבען צו א טייל פון א זאך כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען איהם פון די אנדערע טיילען; דיפערענצירען; אננעהמען א בעזונדערע ריכטונג; ווירקען אויף א ספעציעלען שטייגער.

spe'cializer *n.* (ספעש'-על-אי-זער) א ספעציאליסט, איינער וואס פערנעהמט זיך מיט א פראפעסיאן, וויסענשאפט א. ד. ג. אלס זיין ספעציאליטעט.

spe'cially *adv.* (ספעש'-על-אי) בעזאנדערס; אויסדריקליך; אויף א ספעציעלער ארט; אויף א בעזונדערען שטייגער.

spe'cial part'nership (ספעש'-על פארט'-נער-שיפ) ז. ***limited partnership***

spe'cial trust (ספעש'-על טראסט) א פערמעגען אין די הענד פון אן אפעקון מיט ספעציעלע רעכטען צו פערוואלטען דיעזען פערמעגען.

spe'cialty *n.* (ספעש'-על-טי) ספעציעלקייט, בעזונדערקייט; א בעזונדערע זאך, עפעס וואס האט א בעזונדערקייט לויט'ן כאראקטער, לויט זיין נוץ א. ד. ג.; א ספעציאליטעט, א בעזונדערער פאך; א ספעציעלער פראדוקט; א ספעציעלער קאנטראקט.

spe'cie *n.* (ספיע'-שי) א מטבע; מעטאל-געלד.

spe'cies *n.* (ספיע'-שיז) אן ארט, א גאטונג [א גרופע אינדיווידואומען, וועלכע זיינען אויף אזוי פיעל ענליך איינע צו די אנדערע, דאס זיי קענען אבשטאמען פון איין פאר עלטערען]; אין ביאלאגישער קלאסיפיקאציאן — אן ארט [די צווישענשטופע צווישען מין אדער גענוס און אינדיווידואום]; אין לאגיק — די גאטונג [א בעגריף וואס איז אין זיך כולל די פארשטעלונג פון א סך ענליכע אינדיווידואומען און בעציהט זיך צו א העכערען בעגריף ווי א פרט צו א כלל, ווי למשל, "איד" און "מענש"]; א מין, א זארט.

spec'ifiable *a.* (ספעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען ספעציפיצירט ווערען; וואס קען בעשטימט ווערען אלס א בעזונדערע זאך.

specif'ic *a. and n.* (ספי-סיפ'-איק) 1. ספעציפיש, אייגענארטיג; בעזונדער, ספעציעל; 2. אייגענטימליך; 3. וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג; 4. אין מעדיצין—וואס האט א בעזונדערע קראנקהאפטע אייגענשאפט; 5. פינקטליך, בעשטימט, גענוי; 6. עפעס וואס דיענט פאר א ספעציעלען צוועק; א ספעציפישע אדער בעזונדערע זאך.

1. He made a specific promise to send me the book. 5. Please be specific about your proposition.

specif'ical *a.* (ספי-סיפ'-אי-קעל) ספעציפיש; ספעציעל; וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג.

specif'ically *adv.* (ספי-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א ספעציפישען, אייגענארטיגען אופן.

specifica'tion *n.* (ספעס-אי-פי-קיי'-שאן) די ספעציפיקאציאן, א גענויע אנגעבונג פון אלע פרטים [ווי אין א קאנטראקט]; א בעזונדערער פונקט פון אזא קאנטראקט; דאס מאכען ספעציפיש, אייגענארטיג אדער אייגענטימליך.

specif'ic cause (ספי-סיפ'-איק קאהז) אין מעדיצין — אן אורזאכע, וועלכע ווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון א ספעציפישער אדער אייגענארטיגער קראנקהייט.

specif'ic char'acters (ספי-סיפ'-איק קער'-עק-טערז) אין ביאלאגיע — די ספעציפישע אייגענשאפטען פון אן ארט אדער גאטונג, דורך וועלכע זי אונטערשיידעט זיך פון אן אנדער ארט אדער גאטונג.

specif'ic deni'al (ספי-סיפ'-איק די-נאי'-על) אין יוריספרודענץ — אן ענטפער אויף א קלאגע, וואו יעדער פונקט ווערט בעזונדערס און אויספיהרליך אבגעלייקענט.

specif'ic disease' (ספי-סיפ'-איק די-זיעז') א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט דורך א ספעציפישער אנשטעקונג [ווי סיפילים].

specif'ic du'ty (ספי-סיפ'-איק דיו'-טי) אין א טאריף — א בעשטימטער אבצאהל וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף אימפארטירטע אדער אריינגעפיהרטע סחורות לויט זייער צאהל, מאס, געוויכט א. ד. ג., אבער ניט לויט זייער ווערטה [ווי למשל, א בעשטימטער אבצאהל אויף יעדען פונט טאבאק, ניט קוקענדיג פון וועלכען זארט דיעזער טאבאק זאל ניט זיין].

specif'ic grav'ity (ספי-סיפ'-איק גרעוו'-אי-טי) דאס ספעציפישע געוויכט, דאס פערהעלטניס פון געוויכט פון א זאך צום געוויכט פון וואסער, פון 4 גראד צעלזיוס, וואס האט דיעזעלבע מאס אדער אומפאנג ווי די זאך [ווי למשל, דאס ספעציפישע געוויכט פון גאלד איז 19, ווייל א שטיקעל גאלד איז לערך 19 מאל שווערער ווי וואסער פון דעמזעלבען אומפאנג].

specif'ic med'icine (ספי-סיפ'-איק מעד'-אי-סין) א מעדיצין אדער רפואה וואס האט א בעשטימטע ווירקונג אין געוויסע קראנקהייטען [ווי כינין אין פיבער].

specif'icness *n.* (ספי-סיפ'-איק-נעס) דאס זיין ספעציפיש; די אייגענארטיגקייט, די אייגענטימליכקייט.

spec'ify *v.* (ספעס'-אי-פאי) ספעציפיצירען, בעצייכנען אויספיהרליך, בעשרייבען מיט אלע פרטים.

spec'imen *n.* (ספעס'-אי-מען) איינער פון א קלאס פערזאנען אדער עפעס פון א קלאס פון זאכען, וואס דיענט אלס א ביישפיעל פון דיעזען קלאס; א מוסטער, א פראבע; אן עקזעמפלאר.

speciol'ogy *n.* (ספי-שי-אל'-א-דזשי) אין ביאלאגיע — די לעהרע וועגען ארטען אדער גאטונגען.

spe'cious *a.* (ספי'-שאס) אנזעהנליך, שעהן אויף'ן קוק, שעהן נאך דעם אויסזעהן.

spe'ciously *adv.* (ספי'-שאס-לי) אנזעהנליך; זייענדיג שעהן אויף'ן קוק; מיט א שעהנעם אויסזעהן.

spe'ciousness *n.* (ספי'-שאס-נעס) אנזעהנליכקייט, דאס האבען א שעהנעם אדער אנגענעהמען אויסזעהן.

speck *n. and v.* (ספעק) 1. א פינטעל, א קליינער פלעק; א פינטעל אויף א פרוכט, וואס צייגט אן דאס זי הויבט אן צו פוילען; 2. א קליין טיילכעל, אן אטאם; די קלענסטע מאס פון עפעס; 3. פעטס, שמאלץ; 4. בעפלעקען.

2. He has not a speck of generosity in his make-up.

speck'le *n. and v.* (ספעקל) א קליינער פלעק, א שפרענקעל; בעשפרענקלען.

speck'led *a.* (ספעקלד) געפלעקט, געשפרענקעלט; פערשיעדען-פארביג, בונט-פארביג; פערשיעדען.

speck'ledness *n.* (ספעק'לד-נעס) דאס זיין געשפרענקעלט; בונט-פארביגקייט.

speck'less *a.* (ספעק'-לעס) אהן פינטעלעך, אהן פלעקען; זעהר ריין, זעהר קלאר.

specks *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***

specktioneer' *n.* (ספעק-שא-ניער') דער הויפט הארפוניער [וואסווארפט דעם הארפון ביי דער יאגד אויף וואלפיש].

speck'y *a.* (ספעק'-אי) געפלעקט, געפינטעלט, געשפרענקעלט.

specs *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***

spec'tacle *n.* (ספעק'-טעקל) א ספעקטאקל, א שוי, אן אויסשטעלונג, א פאראד, א שוישפיעל, א פארשטעלונג, א סצענע, אן אנבליק; א געגענשטאנד פון פעראכטונג.

spec'tacled *a.* (ספעק'-טעקלד) מיט ברילען, וואס טראגט ברילען; אין זאאלאגיע — וואס האט אויגען-ענליכע אדער ברילען-ענליכע פלעקען; פאראדנע, ווי אן אויסשטעלונג.

spec'tacled bear (ספעק'-טעקלד בעהר) א זיד-אמעריקאנישער בער מיט א ווייסען שטרייף אונטער די אויגען, וואס איז ענליך צו א פאר ברילען.

spec'tacled-head'ed *a.* (ספעק'-טעקלד-העד'-עד) וואס האט אויגען-ענליכע אדער ברילען-ענליכע פלעקען אויף'ן קאפ [וועגען א געוויסען מין פליגען].

spec'tacle-gage *n.* (ספעק'-טעקל-

גיידזש) א פארריכטונג צו מעסטען דעם אבשטאנד אדער די דיסטאנץ צווישען די ברילען־גלעזלעך.

spec'tacle-glass *n.* (ספעק'-טעקל-גלעס) ברילען־גלאז; א ברילען־גלעזעל.

spec'tacle-ma'ker *n.* (ספעק'-טעקל-מיי'-קער) א ברילען־מאכער, א ברילען־פאבריקאנט.

spec'tacles *n.* (ספעק'-טעקלז) ברילען, שפאקולען.

spectac'ular *a.* (ספעק-טעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א ספעקטאקל, שוי־שפיעל, שוי, אויסשטעלונג אדער צו פאראדען; עהנליך צו א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד; וואס איז שייך צו ברילען.

spectacular'ity *n.* (ספעק-טעק-יו-לער'-אי-טי) פאראדנעקייט, עהנליכקייט צו א ספעקטאקל, שוי אדער אויסשטעלונג.

spectac'ularly *adv.* (ספעק-טעק'-יו-לאר-לי) ווי א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד.

specta'tion *n.* (ספעק-טיי'-שאן) דאס אויסזעהן.

specta'tor *n.* (ספעק-טיי'-טאר) א צושויער; א צוקוקער; איינער וואס זעהט עפעס צו.

spectato'rial *a.* (ספעק-טע-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א צושויער.

specta'torship *n.* (ספעק-טיי'-טאר-שיפ) דאס צוקוקען, דאס זיין א צושויער.

specta'tress *n.* (ספעק-טיי'-טרעס) א צושויערין, א צוקוקערין, איינע וואס זעהט עפעס צו.

specta'trix *n.* (ספעק-טיי'-טריקס) ז. *spectatress*.

spec'ter *n.* (ספעק'-טער) א געשפענסט, א גייסט; א געשפענסט־אינזעקט [אזא אינזעקט]; די געשפענסט־פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז]; דער געשפענסט־לעמור [דער טארסיער אדער פוס־טהיער. ז. *tarsier*].

spec'ter-le'mur *n.* (ספעק'-טער-לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס־טהיער. ז. *tarsier*.

spec'ter of the Brock'en (ספעק'-טער אוו טהי בראק'-ען) אן ערשיינונג אין בערגיגע געגענדען בעת זון־אויפגאנג אדער זון־אונטערגאנג, ווען דעם צושויער'ס שאטען זעהט זיך ריעזיג־גרויס אין דעם נעבעל אויף'ן שפיץ־בארג און איז אפט איינגעשלאסען אין א פיעל־פארביגען קרייז.

spec'tra *n.* (ספעק'-טרא) ספעקטרומס. ז. *spectrum*.

spec'tral *a.* (ספעק'-טרעל) ווי א געשפענסט, גייסטערהאפט; ספעקטראל [וואס איז שייך צום ספעקטרום אדער צום פארבען־בילד וואס עס בילדעט א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral anal'ysis (ספעק'-טרעל ע-נעל'-אי-סיס) ספעקטראל־אנאליזע [דאס בעשטימען די בעמישע צוזאמענזעצונג פון א שטאף לויט דעם ספעקטרום אדער לויט דעם פארבען־בילד וואס עס בילדעט א שטראהל פון דעם קערפער, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral col'ors (ספעק'-טרעל קאל'-ארז) די רעגענבויגען־קאלירען, די ספעקטרום־קאלירען. ז. *spectrum*.

spec'tral le'mur (ספעק'-טרעל לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס־טהיער. ז. *tarsier*.

spec'trally *adv.* (ספעק'-טרעל-אי) ווי א געשפענסט, ווי א גייסט, גייסטערהאפט.

spec'tral owl (ספעק'-טרעל אול) די געשפענסט־איילע [אזא גרויסע איילע אדער סאווא פון די קאלטע נארדליכע טיילען פון אמעריקא].

spec'tre *n.* (ספעק'-טער) ז. *specter*.

spectrobolom'eter *n.* (ספעק-טרא-בא-לאמ'-ע-טער) א ספעקטראבאלאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ־אויסשטראהלונג אין דעם זון־ספעקטרום]. ז. *spectrum*.

spec'trograph *n.* (ספעק'-טרא-גרעף) א ספעקטראגראף, אן אפאראט צו פאטאגראפירען א ספעקטרום [די פארבען, וואס בילדען זיך אויס פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spectrog'raphy *n.* (ספעק-טראג'-רע-פי) ספעקטראגראפיע, די קונסט צו געברויכען א ספעקטראגראף. ז. *spectrograph*.

spectrolog'ical *a.* (ספעק-טרא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער ספעקטראל־אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrol'ogy *n.* (ספעק-טראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ספעקטראל־אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrom'eter *n.* (ספעק-טראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אבווייכונג אדער אבנייגונג פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא.

spectromicroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-מאי-קרא-סקאפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו אונטערזוכונגען מיט דער הילף פון א מיקראספעקטראסקאפ. ז. *microspectroscope*.

spec'troscope *n.* (ספעק'-טרא-סקאופ) א ספעקטראסקאפ [אן אפטישער אפאראט צו פראדוצירען ספעקטרומס פון לייכטענדע קערפער דורכלאזענדיג זייערע שטראהלען דורך א פריזמא]. ז. *spectrum*.

Spectroscope

spectroscop'ic *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-איק) ספעקטראסקאפיש, וואס איז שייך צו א ספעקטראסקאפ, וואס ווערט בעשטימט דורך א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; וואס איז שייך צו ספעקטראל־אנאליזע, בעשטימט דורך ספעקטראל־אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *spectroscopic*.

spectroscop'ically *adv.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל-אי) ספעקטראסקאפיש, מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'troscopist *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פיסט) איינער וואס מאכט בעאבאכטונגען מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; א קענער אין ספעקטראל־אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spec'troscopy *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פי) דער טייל פון פיזיק און כעמיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען, וועלכע ווערען בעאבאכטעט מיט דער הילף פון דעם ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'trum *n.* (ספעק'-טראם) דאס ספעקטרום [דאס פארבען־בילד וואס בעקומט זיך פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא]; א שיין־בילד פון עטוואס וואס מען האט פריהער געזעהן, כאטש מען קוקט שוין מעהר ניט אויף דעם.

spec'ula *n.* (ספעק'-יו-לא) שפיגלען; רעפלעקטירענדע טיילען פון אפטישע אינסטרומענטען; מעדיצינישע אינסטרומענטען צום פאנאנדערשפרייטען קערפער־עפנונגען און זיי אונטערזוכען; אויגען־עהנליכע פלעקען אויף פעדערען; קאלירטע פלעצער אויף פעדערען ביי פויגלען; אויסקוק־פלעצער. ז. *speculum*.

spec'ulable *a.* (ספעק'-יו-לעבל) וואס מען קען נאכדענקען אדער נאכטראכטען.

spec'ular *a.* (ספעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שפיגעל; שפיגעלדיג, אבשפיגלענד; וואס העלפט צום זעהען; וואס איז שייך צו די אויגען־עהנליכע פלעקען אדער צו די קאלירטע פלעקען אויף די פליגלען פון געוויסע פויגלען.

spec'ulate *v.* (ספעק'-יו-לייט) נאכדענקען, נאכטראכטען; מאכען השערות, שאפען טעאריען; שאפען אבסטראקטע טעאריען [בלויז מיט'ן שכל, ניט רעכענענדיג זיך מיט פאקטען און ניט שטיצענדיג זיך אויף בעאבאכטונגען]; שפעקולירען, האנדלען אויף ריזיקע; זוכען צו מאכען פראפיט פון אונזיכערע אונטערנעהמונגען.

specula'tion *n.* (ספעק-יו-ליי'-שאן) נאכדענקונג, נאכטראכטונג; דאס שאפען טעאריען; דאס מאכען השערות; דאס שאפען אבסטראקטע טעאריען [ניט בעגרינדעט אויף פאקטען אדער בעאבאכטונגען]; א ספעקולאציאן; בעטראכטונג; אזא קארטען־שפיעל; דאס שפעקולירען, דאס האנדלען אויף ריזיקע.

spec'ulatist *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיסט) א דענקער, א פילאזאף; איינער וואס שאפט אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט בעגרינדעט אויף פאקטען און בעאבאכטונגען; א חקרן, א טעארעטיקער, וואס ווייסט גאר ניט פון דער פראקטישער זייט פון לעבען.

spec'ulative *a.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו) ספעקולאטיוו, נאכדענקענד, פארשענד; טעארעטיש; ריין וויסענשאפטליך [וואס האט ניט אין זינען קיין פראקטישע צוועקען אדער אנווענדונגען]; מעטאפיזיש, וואס איז געבויט אויף השערות, וואס איז א רעזולטאט פון אבסטראקטען דענקען [ניט פון ערפאהרונג]; שפעקולירענד; וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatively *adv.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א ספעקולאטיווען שטייגער; ספעקולירענדיג. ז. *speculative*.

spec'ulativism *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-איזם) ספעקולאטיוויזם [די נייגונג צו מאכען השערות אדער שאפען אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט געבויט אויף פאקטען און ערפאהרונגען].

spec'ulator *n.* (ספעק'-יו-ליי-טאר) בעטראכטער, א נאכדענקער; א שאפער פון טעאריען; א שפעקולאנט, איינער וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatory *a.* (ספעק'-יו-ליי-טא-רי) נאכדענקענד, נאכפארשענד ; ספעקולאטיוו. ז. *speculative*

spec'ulum *n.* (ספעק'-יו-לאם) א שפיגעל ; דער רעפלעקטירענדער אדער אבשפיגלענדער טייל פון אן אפטישען אינסטרומענט ; אן .אויגען=עהנליכער פלעק אויף פעדערען [ווי למשל, ביי א פאווע] ; א קאלירטער פלאץ אויף די פעדערען ביי פויגלען ; א מעדיצינישער אינסטרומענט צום ארייננקוקען אין קערפערעפנונגען אדער זיי פאנאנדערצושפרייטען צוליעב אונטערזוכונגס=צוועקען ; אן אויסקוק=פלאץ ; א פלאץ, פון וועלכען מען קען שפיאנירען.

spec'ulum-met'al *n.* (ספעק'-יו-לאם-מעט'-על) דער רעפלעקטירענדער אדער אבשפיגלענדער טייל פון אן אפטישען אינסטרומענט.

sped (ספעד) געאיילט. ז. *speed*

speech *n. and v.* (ספיעטש) שפראך ; רעדע=פעהיגקייט ; דאס ריידען ; א רעדע ; א געשפרעך ; דער קלאנג פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען ; האלטען א רעדע.

speech'craft *n.* (ספיעטש'-קרעפט) די רעדע=קונסט ; שפראך=וויסענשאפט ; גראמאטיק.

speech'-cri'er *n.* (ספיעטש'-קראי'-ער) פארצייטען אין ענגלאנד — איינער וואס פלעגט אויסשרייען די ודוי און דעם פערברעכען פון א פעראורטיילטען צום טויט.

speech'-day *n.* (ספיעטש'-דיי) אן עפענטליכער פייערטאג אין אן ענגלישער שול נאך די עקזאמענס.

speech from the throne (ספיעטש פראם טהי טהראון) די טהראן=רעדע [אין די מאנארכיש=קאנסטיטוציאנעלע לענדער — די קעניגליכע פראגראם=רעדע וואס ווערט פארגעלעזען פון דעם מאנארך אדער פון זיין פערטרעטער ביי דער ערעפנונג פון פארלאמענט].

speech'ful *a.* (ספיעטש'-פול) רייך אין ווערטער ; בערעדעווריג ; ריידענד.

speechifica'tion *n.* (ספיעטש-אי-פי-קיי'-שאן) דאס דרשנ'ען, דאס שיטען מיט רעדעס.

speech'ifier *n.* (ספיעטש'-אי-פאי-ער) א בעל דרשן, איינער וואס האט ליעב צו האלטען רעדעס, א "טשאיניק=האקער".

speech'ify *v.* (ספיעטש'-אי-פאי) דרש'ענען, שיטען מיט רעדעס, "האקען א טשאיניק".

speech'less *a.* (ספיעטש'-לעס) שפראכלאז, שווייגענד, שטום ; אונאויסגעשפראכען.

speech'lessly *adv.* (ספיעטש'-לעס-לי) שווייגענדיג, שטום, שפראכלאז.

speech'lessness *n.* (ספיעטש'-לעס-נעס) שפראכלאזיגקייט ; שטומקייט.

speech'maker *n.* (ספיעטש'-מיי-קער) א רעדנער.

speech'making *n.* (ספיעטש'-מיי-קינג) דאס האלטען רעדעס.

speech'-rea'ding *n.* (ספיעטש'-ריע'-דינג) דאס פערשטעהן איינעמס רייד לויט די בעוועגונגען פון די ליפען [ווי עס איז דער פאל מיט טויב=שטומע].

speed *n. and v.* (ספיעד) 1. גיכקייט, שנעלקייט ; 2. געשווינדקייט, איילעניש ; 3. מזל, גליק, ערפאלג, פעולה ; 4. זיך איילען, איילען ; זיך שנעל בעוועגען, ארויסרופען א שנעלע בעוועגונג ; 5. צוגעבען אדער ארויסרופען א געוויסע שנעלקייט ; 6. האבען ערפאלג, גוט אנגעהן, גוט געהן ; מיטהעלפען צו ערפאלג, מאכען ערפאלגרייך ; 7. אויספערטיגען, דורכפיהרען.

2. We motored at high **speed**. 3. I wish you good **speed** in your undertaking. 5. The engine is **speeded** to run 300 revolutions per minute. 6. God **speed** you. 7. The judicial proceedings were **sped** in the open court.

speed'er *n.* (ספיעד'-ער) איינער אדער עטוואס וואס לויפט אדער בעוועגט זיך שנעל ; איינער אדער עטוואס וואס רופט ארויס א שנעלע בעוועגונג ; א מעכאנישע פארריכטונג ארויסצורופען געשווינדקייט.

speed'ful *a.* (ספיעד'-פול) שנעל, גיך, איילענדיג ; ערפאלגרייך, געלונגען ; מזל'דיג

speed'fully *adv.* (ספיעד'-פול-אי) מיט שנעלקייט ; מיט ערפאלג ; מזל'דיג.

speed'-gage *n.* (ספיעד'-גיידזש) ז. *speed-indicator*

speed'ily *adv.* (ספיעד'-אי-לי) גיך, שנעל, אין א קורצער צייט.

speed'-in'dicator *n.* (ספיעד'-אינ'-די-קיי-טאר) א געשווינדקייט=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געשווינדקייט פון מאשינען].



Speed-indicator

speed'iness *n.* (ספיעד'-אי-נעס) שנעלקייט, גיכקייט, געשווינדקייט.

speed'ing *n.* (ספיעד'-אינג) דאס ארויסרופען א שנעלע בעוועגונג ; א פראבע אין לויפען שנעל [ווי פון א פערד].

speed'less *a.* (ספיעד'-לעס) לאנגזאם ; ניט ערפאלגרייך, ניט מזל'דיג.

speed'-record''er *n.* (ספיעד'-רי-קאהרד'-ער) אן אפאראט צו פערצייכנען געשווינדיגקייט [פון א באהן=צוג, מאשין א. ז. וו.].

speed'way *n.* (ספיעד'-הוויי) א וועג, אויף וועלכען עס איז ערלויבט צו פאהרען שנעל.

speed'well *n.* (ספיעד'-הוועל) דער עהרענפרייז [אזא קריכענדיג גראז מיט העל=בלויע בליטהען]. ז. *Veronica*

speed'y *a.* (ספיעד'-אי) איילינג, שנעל, געשווינד ; ערפאלגרייך, מזל'דיג.

speiss *n.* (ספאיס) א צוזאמענזעצונג פון ארסעניק מיט אייזען, ניקעל אדער קאבאלט.

speld *n.* (ספעלד) א שפענדעל ; א שפליטער, א פיצעל, א ברעקעל.

spell *n. and v.* (ספעל) 1. א צויבער=שפרוך, אן אבשפרעכעניש, א כשוף, א צויבער ; בעצויבערטקייט, פער'כשופ'טקייט ; 2. אומבייטונג, אבוועקסלונג, א רייה, אן אטשערעד [ביים ארבייטען] ; 3. רוה=צייט ; 4. א בעשטימטע צייט ; א קורצע צייט, א פריי שטיקעל צייט, א ווייל ; 5. א שלעכט שטיקעל צייט, א צייט פון שלעכטער שטימונג ; 6. אויסלעגען [ווערטער] ; 7. לייענען בוכשטאב נאך בוכשטאב ; לייענען מיט מיה ; 8. ענטדעקען דורך גענויעז שטודיום, ארויסקריגען עפעס פונקט נאך פונקט ; גענוי שטודירען, גענוי פארשען ; 9. צוזאמענשטעלען, אויסמאכען ; 10. אומבייטען אדער צייטווייליג פערנעהמען איינעמס פלאץ.

1. He is under the **spell** of her beautiful eyes. 2. The men work the pumps by **spells**. 4. Come and rest a **spell** with me. 6. The word is **spelled** correctly. 9. Discipline and courage **spell** victory.

spell back'ward (ספעל בעק'-הווארד) 1. אויסלעגען [אווארט] צוריקוועגס ; 2. אויסטייטשען אדער פערשטעהן פערקעהרט, פערדרעהן.

2. He is a brave, good man, but he always **spells backwards**.

spell ba'ker (ספעל ביי'-קער) טהאן עפעס א שווערע ארבייט, אונטערנעהמען א שווערע זאך.

If an old man will marry a young woman, he must **spell baker**.

spell'bind *v.* (ספעל'-באינד) האלטען מיט צויבער=קראפט אדער ווי מיט צויבער=קראפט ; בעצויבערען, פער'כשופ'ען.

spell'bound *a.* (ספעל'-באונד) בעצויבערט, פער'כשופ'ט ; געהאלטען ווי מיט צויבער=קראפט.

spell'er *n.* (ספעל'-ער) איינער וואס לעגט אויס ווערטער ; איינער וואס קען גוט אויסלעגען ; א בוך צום לערנען אויסלעגען ; אן אבצווייגונג פון א הארן=צווייג ביי א הירש.

spell'ing *n.* (ספעל'-אינג) אויסלעגונג פון ווערטער, ארטאגראפיע.

spell'ing-bee *n.* (ספעל'-אינג-ביע) א וועט אין ריכטיג בוכשטאבירען אדער אויסלעגען ווערטער.

spell'ing-book *n.* (ספעל'-אינג-בוק) א בוך צום לערנען אויסלעגען.

spell'ing-match *n.* (ספעל'-אינג-מעטש) ז. *spelling-bee*

spell'ing reform' (ספעל'-אינג ריפאהרם') א רעפארמע אין אויסלעגען אדער ארטאגראפיע ; א פעראיינפאכונג פון די אויסלעגונגס=כללים פון א שפראך.

spell'-stopped *a.* (ספעל'-סטאפט) איינגעהאלטען דורך כשוף, געהאלטען מיט צויבער=קראפט.

spell'-work *n.* (ספעל'-הוואירק) עטוואס וואס ווערט געטהאן דורך כשוף ; צויבער=קראפט ; כשוף.

spelt (ספעלט) בוכשטאבירט, אויסגעלעגט. ז. *spell*

spelt *n.* (ספעלט) [א שפעלץ, שפעלט מין ווייץ].

spel'ter *n. and v.* (ספעל'-טער) שפיאלטער, צינק ; פערלייטען מיט שפיאלטער אדער צינק.

spel'ter sold'er (ספעל'-טער סאד'-ער) שפיאלטער צום פערלייטען מעטאלען.

spen'cer *n.* (ספענ'-סער) א ספענצער, א לייב=יאק, א קאמזויל ; א זארט זעגעל פון א שיף.

Spence'rian *a. and n.* (ספענ-סי'-רי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען פילאזאף הערבערט ספענסער [געבארען 1820, געשטארבען 1904] אדער צו זיין לעהרע ; א ספענסעריאנער, אן אנהענגער פון ספענסער'ס לעהרען.

Spence'rianism *n.* (ספענ-סי'-רי-ענ-איזם) די עוואלוציאנס=לעהרע פון דעם ענגלישען פילאזאף הערבערט ספענסער [1820—1904]. ז. *synthetic philosophy*

spend *v.* (ספענד) אויסגעבען, פערשווענדען, אויסברייננגען, פערברויכען, ערשעפען, אוועקגעבען ; צוברייננגען, פערברייננגען [צייט] ; פערברויכט ווערען, אויסגעבראכט ווערען, ערשעפט ווערען, פער-

שווענדעט ווערען; ארויסלאזען זרע; ארויסווארפען רויגען [איקרא].

spend'-all *n.* (ספענד'-אהל) א פערשווענדער, אן אויסברייינגער.

spend a mast (ספענד ע מעסט) צוברעכען א מאסט; פעראורזאכען דעם פערלוסט פון א מאסט; פערלירען א מאסט.

spen'der *n.* (ספענ'-דער) א פערצעהרער, א פערברויכער; א פערשווענדער, אן אויסברייינגער.

spend ground (ספענד גראונד) מאכען אן אויסגראבונג אין א מינע אדער שאכטע.

spen'ding *n.* (ספענ'-דינג) פערשווענדונג; דאס ארויסלאזען זרע.

spen'ding-mon'ey *n.* (ספענ'-דינג-מאנ'-אי) טאשען=געלד [געלד אויף קליינע אויסגאבען].

spend the mouth (ספענד טהי מאוטה) שטארק בילען.

spend'thrift *n. and a.* (ספענד'-טהריפט) א פערשווענדער; אן אויסברייינגער; פערשווענדעריש, אויסברייינגעריש.

spend'thrift trust (ספענד'-טהריפט טראסט) א פערמעגען וואס ווערט איבערגעגעבען צו אפעקונעם מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלען צאהלען דעם יורש זאלאנג ער לעבט בלויז די הכנסות פון דיעזען פערמעגען, און דאס פערמעגען גופא זאל ירשנ'ען אן אנדערער נאך זיין טויט.

Spense'rian *a. and n.* (ספענ-סי'-רי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען דיכטער עדמונד ספענסער [געבארען 1552, געשטארבען 1599] אדער צו זיין פאעטישען סטיל; א ספענסערישער מעטער, א ספענסערישער פערז.

spent *a.* (ספענט) אויסגעמאטערט, ערשעפט; קראפטלאז, מאכטלאז; אויסגעמאטערט דורך ארויסווארפען רויגען [וועגען פיש]; פערשווענדעט, אויסגעבראכט, פערבראכט [צייט], פערברויכט [ז. *spend*].

spent ball (ספענט באהל) א שיס=קויל וואס פליהט מיט א צו שוואכען אימפעט צו קענען עפעס דורכלעכערען.

sperm *n.* (ספוירם) ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר]; דער קאשעלאט [אזא וואלפיש]; ספערמאצעט [די פעטס פון קאפ פון א קאשעלאט]. ז. *spermaceti*

spermacet'i *n. and a.* (ספויר-מע-סעט'-אי) ספערמאצעט, אזא פעטס וואס ווערט ארויסגענומען פון קאפ פון א קאשעלאט [אזא וואלפיש]. ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע זאלבען און פלאסטערען; וואס איז שייך צו ספערמאצעט, ספערמאצעטיש.

spermat'ic *a.* (ספויר-מעט'-איק) ספערמאטיש, וואס איז שייך צו דער ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר]; וואס לאזט ארויס ספערמא אדער זרע; וואס איז שייך צום גליעד אדער צו די גליעדער, דורך וועלכע די ספערמא אדער זרע פליסט ארויס.

spermat'ical *a.* (ספויר-מעט'-אי-קעל) ז. *spermatic*.

spermat'ic ar'tery (ספויר-מעט'-איק אר'-טע-רי) די ארטעריע אדער בלוטאדער פון די אייער.

sper'matism *n.* (ספויר'-מע-טיזם) דאס ארויסלאזען ספערמא, זאמען אדער זרע [ביי א זכר].

sper'matize *v.* (ספויר'-מע-טאיז) ארויסלאזען ספערמא, זאמען אדער זרע [ביי א זכר].

sper'matocele *n.* (ספויר'-מע-טא-סיל) אין מעדיצין — דער ברוך פון די זאמען=געפעס [די זרע=קאנאלען אין דעם אייער=בייטעל].

spermatogen'esis *n.* (ספויר-מע-טא-דזשענ'-ע-סיס) ז. *spermatogeny*.

spermatog'eny *n.* (ספויר-מע-טאדזש'-ע-ני) די אויסבילדונג פון ספערמא אדער זרע.

sper'matoid *a.* (ספויר'-מע-טאיד) עהנליך צו ספערמא אדער זרע [פון א זכר].

spermatol'ogy *n.* (ספויר-מע-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר].

sper'matophore *n.* (ספויר'-מע-טא-פאור) דער ספערמאטאפאר, איינס פון די מיקראסאפישע זעקעלעך אין דער זרע פון א זכר, אין וועלכען עס האלטען זיך די זאמען=טיערכען אדער ספערמאטאזאא. ז. *spermatozoa*.

spermatoph'orous *a.* (ספויר-מע-טאפ'-א-ראס) וואס טראגט אדער ענטהאלט ספערמא אדער זרע.

spermato'vum *n.* (ספויר-מע-טאו'-וואם) א בעפרוכטעטעס אייעלע [פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לעבעדיגע בעשעפעניש].

spermatozo'a *n.* (ספויר-מע-טא-זאו'-א) די ספערמאטאזאא אדער זאמען=טיערכען [די מיקראסקאפישע קערפערלעך מיט לאנגע עקלעך וועלכע ענטהאלטען זיך אין דער ספערמא אדער זרע פון א זכר און בעפרוכטען די אייעלעך פון א נקבה].



Spermatozoa

spermatozo'oid *n. and a.* (ספויר-מע-טא-זאו'-איד) דאס זאמען=טיערכען; וואס איז שייך צו א זאמען=טיערכען. ז. *spermatozoa*.

spermatozo'on *n.* (ספויר-מע-טא-זאו'-אן) א זאמען=טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sperm'-cell *n.* (ספוירמ'-סעל) די זאמען=צעלע, א זאמען=טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sper'min *n.* (ספויר'-מין) ספערמין, א כעמישער שטאף וואס בעקומט זיך פון ספערמא אדער זרע און פון אנדערע ארגאנישע עלעמענטען [ווערט פיעל געברויכט אין מעדיצין].

sper'mism *n.* (ספויר'-מיזם) ספערמיזם, די לעהרע, אז די זרע פון'ם זכר ענטהאלט אין זיך דעם גאנצען צוקינפטיגען ארגאניזם, וואס דארף געבארען ווערען און אז דאס אייעלע פון דער נקבה דיענט נור אלס א סביבה, אין וועלכער די ספערמאטאזאא [ז. *spermatozoa*] ענטוויקעלט זיך.

sperm'-nu'cleus *n.* (ספוירמ'-ניו'-קלי-אס) דאס זרע=קערנדעל פון די ספערמאטאזאא. ז. *spermatozoa*.

sper'moderm *n.* (ספויר'-מא-דוירם) די זאמען=הילע, דאס אויבערשטע הייטעל פון א זאמען.

sperm'-oil *n.* (ספוירמ'-איל) דער אויל וואס בעקומט זיך פון די פעטס פון א קאשעלאט [אזא וואלפיש].

spermol'ogy *n.* (ספויר-מאל'-א-דזשי) ז. *spermatology*.

sper'mule *n.* (ספויר'-מיול) א זאמען=טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sperm'-whale *n.* (ספוירמ'-הוועיל) דער קאשעלאט, אזא וואלפיש אין די ימים פון די ווארימע לענדער.



Sperm-whale

spew *v.* (ספיו) מייקענען, ברעכען.

spew'er *n.* (ספיו'-ער) איינער וואס ברעכט אדער מייקעט.

sp. gr. אבקירצונג פון די ווערטער *specific gravity*

sphac'el *n.* (ספעס'-על) ז. *sphacelus*

sphac'elate *v. and a.* (ספעס'-ע-לייט) ווערען אנגעגריפען פון קנאכען=בראנד [ז. *necrosis*]; אנהויבען פוילען אדער אבשטארבען [וועגען געוויסע טיילען פון קערפער]; אנגעגריפען פון קנאכען=בראנד; אבגעפוילט, אבגעשטארבען.

sphacela'tion *n.* (ספעס-ע-ליי'-שאן) ז. *necrosis*.

sphac'elism *n.* (ספעס'-ע-ליזם) ז. *necrosis*.

sphacelis'mus *n.* (ספעס-ע-ליס'-מאס) ז. *necrosis*.

sphac'elus *n.* (ספעס'-ע-לאס) קנאכען=בראנד [ז. *necrosis*]; א פוילענדע געוועב=מאסע פון קערפער.

sphæ'roid *n.* (ספי'-ראיד) ז. *spheroid*.

sphag'nous *a.* (ספעג'-נאס) וואס איז שייך צו א טארף=גרונד. ז. *peat-moss*.

sphal'erite *n.* (ספעל'-ע-ראיט) צינק=זולפיד, צינק=בלענדע [א מינעראל וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון צינק און שוועבעל].

sphene *n.* (ספין) דער ספען אדער טיטאניט [אזא מינעראל וואס גלאנצט מיט פערשיעדענע קאלירען].

sphe'nic *a.* (ספי'-ניק) קלין=פערמיג, ווי א קלין.

sphe'noid *a. and n.* (ספי'-נאיד) קלין=ארטיג, קלין=פערמיג, ווי א קלין; אין אנאטאמיע — דער קלין=פערמיגער ביין פון שארבען.

sphenoi'dal *a.* (ספי-נאי'-דעל) ז. *sphenoid*.

spher'al *a.* (ספיר'-על) ספעריש, רונד, קיילעכדיג; סימעטריש, פאלקאם אין פארם; וואס איז שייך צו א הימלישען קערפער; וואס בעוועגט זיך ווי א הימלישער קערפער; הארמאניש.

sphera'tion *n.* (ספי-ריי'-שאן) אויסבילדונג אין א קוגעל; אויסבילדונג פון א הימלישען קערפער.

sphere *n. and v.* (ספיער) א קוגעל, א קייקעל, א באל; א הימלישער קערפער [ווי די זון, די ערד, די לבנה]; אין דער פארצייטיגער אסטראנאמיע — איינע פון די בעוועגליכע און דורכזיכטיגע שיידען, אין וועלכע עס זיינען כלומר'שט איינגעפאסט די הימלישע קערפער אין זייער בעוועגונג ארום דער ערד; א גלאבוס, א קוגעל אדער באל וואס שטעלט מיט זיך פאר די ערד; די ספערע, דער טהעטיגקייטס=געביעט, דער ווירקונגס=קרייז; די מדרגה, דער ראנג אין דער געזעלשאפט; דער העכערער געזעלשאפטליכער קלאס; מאכען ספעריש אדער קיילעכדיג, פעררונדען; שטעלען אין א ספערע, שטעלען צווישען די הימלישע קערפער; איינשליסען אין א קרייז; ארומקרייזען, ארומגארטלען.

sphere'less *a.* (ספיער'-לעס) וואס האט ניט קיין ספערע, אונבעשרענקט, וואנדערענד.

sphere of activ'ity (ספיער אוו עק-טיוו'-אי-טי) דער ווירקונגס-קרייז.

spher'ic *a.* (ספער'-איק) ספעריש, קוגעל-פערמיג, ווי א קייקעל, רונד.

spher'ical *a.* (ספער'-אי-קעל) ספעריש, וואס האט די פארם פון א באל, קייקעל אדער קרייז.

spher'ical an'gle (ספער'-אי-קעל ענגל) א ספערישער ווינקעל [א ווינקעל, וואס בילדעט זיך אוים ווען צוויי קרומע אדער רונדע ליניען שניידען זיך איבער].

spher'ically *adv.* (ספער'-אי-קעל-אי) אין דער פארם פון א באל, קייקעל אדער קוגעל.

spher'icalness *n.* (ספער'-אי-קעל-נעס) ז. *sphericity*.

spher'ical tri'angle (ספער'-אי-קעל טראי'-ענגל) א ספערישער דריי-עק [א דריי-עק אויף א קייקעל וואס בילדעט זיך אוים דורך דער איבערשניידונג פון די קרייז-ליניען אויף דעם קייקעל].



Spherical Triangle

spher'ical trigonom'etry (ספער'-אי-קעל טריג-א-נאמ'-ע-טרי) ספערישע טריגאנאמעטריע [דער טייל פון טריגאנאמעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דריי-עקען אויף א ספערישען אדער קוגעל-פערמיגען קערפער, וואס בילדען זיך אוים דורך דער דורכשניידונג פון דריי געבויגענע ליניען].

spheric'ity *n.* (ספי-ריס'-אי-טי) קוגעל-פערמיגקייט, קיילעכדיגקייט, רונדקייט.

spher'icle *n.* (ספער'-איקל) א קליינער קוגעל.

spher'ics *n.* (ספער'-איקס) די ספערישע טריגאנאמעטריע. ז. *spherical trigonometry*.

sphe'rograph *n.* (ספי'-רא-גרעף) אזא אינסטרומענט צו בעשטימען די ריכטונג פון א שיף און די שטרעקע וואס זי איז אבגעגאנגען.

sphe'roid *n.* (ספי'-רויד) א ספעראאיד, א קערפער וואס בעקומט זיך דורך דער בעוועגונג פון אן עליפסע [ז. *ellipse*] ארום איינעם פון איהרע אקסען; א רונדער קערפער אדער פיגור וואס איז צונויפגעדריקט ביי די זייטען און עטוואס אויסגעצויגען [ווי אן איי, די ערד א. ד. ג.].

spheroi'dal *a.* (ספי-ראי'-דעל) ספעראאידיש, ווי א ספעראאיד; ניט פאלקאמען רונד, ניט גאנץ רונד. ז. *spheroid*.

spheroi'dally *adv.* (ספי-ראי'-דעל-אי) אין דער פארם פון א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spheroi'dic *a.* (ספי-ראי'-דיק) ז. *spheroidal*.

spheroi'dical *a.* (ספי-ראי'-די-קעל) ז. *spheroidal*.

spheroidic'ity *n.* (ספי-ראי-דיס'-אי-טי) דאס זיין א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spherom'eter *n.* (ספי-ראמ'-ע-טער) א ספעראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם קרימונגס-גראד פון א ספערישען אדער קוגעל-פערמיגען קערפער, בעזונדערס פון אן אפטישער לינזע].



Spherometer

spherosid'erite *n.* (ספי-רא-סיד'-ע-ראיט) דער ספעראסידעריט [אייזען-שפאט אין קוגעל-פערמיגע שטיקער].

spher'ule *n.* (ספער'-אוהל) א קליינער קוגעל; א קליין קייקעל.

spher'y *a.* (ספיר'-אי) ספעריש, וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א הימלישען קערפער.

sphinc'ter *n.* (ספינק'-טער) אין אנאטאמיע — א מוסקול וואס רינגעלט ארום אן עפנונג פון קערפער און דורך וועלכען די עפנונג פערמאכט זיך.

sphinc'ter a'ni (ספינק'-טער איי'-נאי) דער מוסקול וואס רינגעלט ארום די עפנונג פון הינטערלייב [פי הטבעת].

sphinx *n.* (ספינקס) [א פא-] א ספינקס [א פאבעלהאפטע משונה'דיגע בריאה מיט א קערפער פון א לייב און מיט א קאפ פון א פרוי, וועלכע — לויט דער אלט-גריכישער לעגענדע — פלעגט פרעגען ביי די פארבייגעהער א רעטעניש און פלעגט זיי טויטען אויב זיי פלעגען ניט טרעפען]; ביי די אלטע עגיפטער — א שטיינערנע פיגור פון א לייב מיט א קאפ פון אן אנדער חיה אדער פון א מאן; א רעטהזעלהאפטע פערזאן, איינער וועמען עס איז שווער צו פערשטעהן; א ספינקס-מאָיל [אזא אינזעקט]; דער ספינקס-פאוויאן אדער דער גינעאישער פאוויאן [אזא אפע, ז. *baboon*].

Sphinx

sphragis'tics *n.* (ספרע-דזשיס'-טיקס) די לעהרע וועגען פארצייטיגע שטעמפלען.

sphyg'mic *a.* (ספיג'-מיק) וואס איז שייך צום דופק אדער פולס; פולסירענד.

sphyg'mogram *n.* (ספיג'-מא-גרעם) א ספיגמאגראמע, א וועלענפערמיגע ליניע וואס בעצייכענט דאס שלאגען פון פולס [דופק] און ווערט געצייכענט דורך א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.



Sphygmogram

sphyg'mograph *n.* (ספיג'-מא-גרעף) א ספיגמאגראף, אן אפאראט וואס פערשרייבט אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס [דופק] דורך א וועלענפערמיגער ליניע.

sphygmograph'ic *a.* (ספיג-מא-גרעפ'-איק) ספיגמאגראפיש; געצייכענט אדער רעגיסטרירט דורך א ספיגמאגראף; וואס איז שייך צו א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.

sphygmog'raphy *n.* (ספיג-מאג'-רע-פי) דאס פערשרייבען אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס; א בעשרייבונג פון דופק אדער פולס.

sphyg'moid *a.* (ספיג'-מויד) עהנליך צו א פולס [דופק].

sphygmol'ogy *n.* (ספיג-מאל'-א-דזשי) ספיגמאלאגיע, די לעהרע וועגען פולס [דופק].

sphygmomanom'eter *n.* (ספיג-מא-מע-נאמ'-ע-טער) ז. *sphygmometer*.

sphygmom'eter *n.* (ספיג-מאמ'-ע-טער) דער פולס-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראפט פון פולס אין אן ארטעריע].

sphyg'mophone *n.* (ספיג'-מא-פאון) א ספיגמאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען הערען דאס קלאפען פון פולס].

sphyg'moscope *n.* (ספיג'-מא-סקאופ) א ספיגמאסקאפ [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען זעהן דאס שלאגען פון פולס].

sphyg'mus *n.* (ספיג'-מאס) דער פולס [דופק].

spi'ca *n.* (ספאי'-קא) א זאנג; א זאנגען-עהנליכע בליהונג; אזא באנדאזש.

spi'cal *a.* (ספאי'-קעל) ז. *spicate*.

spi'cate *a.* (ספאי'-קייט) זאנגען-עהנליך [וועגען בלומען]; וואס האט שפארען אדער שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פיס [וועגען פויגלען].

spi'cated *a.* (ספאי'-קיי-טעד) ז. *spiciferous*.

spica'teous *a.* (ספאי-קיי'-טי-אס) אין זאאלאגיע — וואס האט שפארען אדער שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען.

spica'tum *n.* (ספאי-קיי'-טאם) אין ארכיטעקטור — שרעג געלעגטע שטיינער. ז. *herring-bone work*.

spicca'to *a.* (ספיק-קא'-טא) ז. *picchetato*.

spice *n.* and *v.* (ספאיס) 1. א געווירץ; געווירצען; בשמים; א געווירץ-גערוך; א געווירציגער, שמעקעדיגער שטאף; 2. א בייגעשמאק, א בעזונדערער טעם, א ביינעמיש, א ביסעל; 3. עטוואס וואס איז פיקאנט אדער אנציהענד, אדער וואס גיט צו א בעזונדערען טעם; 4. צווירצען, פערפראווען מיט געווירצען; 5. מאכען פיקאנט אדער אנציהענד.

2. There is a **spice** of roguery in the adventure. 3. Variety is the very **spice** of life. 5. The sermon was very richly **spiced** with anecdotes.

spice'-ap'ple *n.* (ספאיס'-עפ'ל) דער אניס-עפעל [אזא אראמאטישער עפעל].

spice'berry *n.* (ספאיס'-בער-אי) דאס ווינטער-גריין. ז. *checkerberry*.

spice'-box *n.* (ספאיס'-באקס) א געווירצען-קעסטעל; אזא שעהן געשניצטעס קעסטעלע.

spice'-bush *n.* (ספאיס'-בוש) דער בענזאע-בוים [אזא אמעריקאנישער קוסט פון דעם מין לארבער-בוימער. די בלעטער

פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס טהעע און די פרוכט אלס געווירץ].

Spice-bush

spice'-cake *n.* (ספאיס'-קייק) א געווירץ=געבעקס, א בשמים=געבעקס, א געבעקס געמאכט מיט געווירצען.

spiced *a.* (ספאיסט) געווירצט, אנגעזאפט מיט בשמים, שמעקענד, אראמאטיש.

spice'ful *a.* (ספאיס'-פול) געווירציג, בשמים'דיג, אראמאטיש, שמעקענד.

spice'-mill *n.* (ספאיס'-מיל) א געווירצען=מיהלכעל [א האנד=מיהלכעל צו מאהלען געווירצען].

spice'-nut *n.* (ספאיס'-נאט) א פעפער=קוכען אדער אינגבער=קוכען. ז. ***gingerbread-nut***.

spi'cer *n.* (ספאי'-סער) א געווירץ=קרעמער, א בשמים=הענדלער; איינער וואס ווירצט; א שפייז=קרעמער; אן אפטייקער.

spi'cery *n.* (ספאי'-סער-אי) געווירץ=ווארצלען; בשמים; א געווירץ=קראם; א שפייז=קראם; געווירציגקייט; שמעקעדיגקייט, אראמאטישקייט.

spice'-shop *n.* (ספאיס'-שאפ) א געווירץ=קראם, א בשמים=קראם; א שפייז=קראם; אן אפטייק.

spice'-tree *n.* (ספאיס'-טריע) דער געווירץ=בוים אדער בערג=לארבער=בוים [אזא הויכער אמעריקאנישער בוים מיט א זעהר טייערען האלץ. די בלעטער פון דעם בוים גיבען ארוים א שארפען גערוך].

spice'wood *n.* (ספאיס'-הוואוד) ז. ***spice-bush***.

spicif'erous *a.* (ספאי-סיפ'-ע-ראס) זאנגיג, וואס וואקסט אין זאנגען אדער ווי אין זאנגען; וואס האט שפארען אדער שפארען=עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פיס [וועגען פויגלען].

spi'ciform *a.* (ספאי'-סי-פארם) עהנליך צו א זאנג.

spi'cily *adv.* (ספאי'-סי-לי) געווירצט; פעפערדיג; מיט שארפקייט; אויף א בייסענדען אופן; אויף א פראנטישען אדער געפוצטען אופן.

spi'ciness *n.* (ספאי'-סי-נעס) געווירצטקייט; פעפערדיגקייט; בייסיגקייט, שארפקייט; פראנטישקייט, געפוצטקייט.

spick *n. and a.* (ספיק) די מייזע אדער סיניצא [אזא פויגעל. ז. ***titmouse***]; ווי ניי.

spick'-and-span' *a.* (ספיק'-ענד-ספען') שפאגעל=ניי.

spick'-and-span'-new' *a.* (ספיק'-ענד-ספען'-ניו') שפאגעל=ניי.

spick'nel *n.* (ספיק'-נעל) דער בערווארצעל [א מין גראז].

spi'cose *a.* (ספאי'-קאוס) ז. ***spicous***.

spicos'ity *n.* (ספאי-קאס'-אי-טי) זאנגענארטיגקייט, דאס וואקסען ווי זאנגען.

spi'cous *a.* (ספאי'-קאס) זאנגיג, זאנגענארטיג.

spic'ula *n.* (ספיק'-יו-לא) א קליינע זאנג, א קליינער זאנג=עהנליכער פלאנצען=טייל; אין זאאלאגיע — א נאדעל=עהנליכער אדער שפיציגער קערפער=טייל.

spic'ular *a.* (ספיק'-יו-לאר) אין זאאלאגיע — שפיציג, פערשפיצט, מיט שפיצען.

spic'ular nota'tion (ספיק'-יו-לאר נא-טיי'-שאן) געוויסע בעצייכנונגען אין לאגיק.

spic'ulate *v. and a.* (ספיק'-יו-לייט) פערשפיצען, צושפיצען; פערשפיצט, בעדעקט מיט שפיצען.

spic'ule *n.* (ספיק'-יול) א שפיציגע זאך, עטוואס וואס האט שפיצען; אין זאאלאגיע — א הארטער שפיציגער קערפער אדער קערפער=טייל; א הארעלע פון א זאנג; א קליינער זאנגען=עהנליכער טייל פון א פלאנצע.

spic'uliform *a.* (ספיק'-יו-לי-פארם) זאנגען=עהנליך, עהנליך צו א זאנגען=הערעלע; שפיציג.

spi'cy *a.* (ספאי'-סי) ווירציג, געווירצט; רייך אין געווירצען; אראמאטיש; פעפערדיג, שארף, בייסענד; געפוצט, פראנטיש.

spi'der *n.* (ספאי'-דער) א שפין [ז. איל.]; די ים=שפין [אזא קרעבס אדער ראק [ז. ***spider-crab***]; א דריי=פוס; אזא טיעפע פאן מיט א לאנגען הענטעל; א פאן אויף פיסלעך; א שפינען=עהנליכער מאשינען=טייל.

Spider

spi'der-ant *n.* (ספאי'-דער-ענט) די שפין=מוראשקע [אזא שפין=עהנליכע מוראשקע].

spi'der-bug *n.* (ספאי'-דער-באג) דער שפין=וואנץ [אזא לאנגפיסיגער אינזעקט].

spi'der-catch'er *n.* (ספאי'-דער-קעטש'-ער) דער שפינען=כאפער [אזא אינדא=מאלאאישעם פויגעלע מיט א לאנגען שנאבעל]; דער מויער=שפעכט [אזא פויגעלע. ז. ***wall-creeper***].

spi'der-cot *n.* (ספאי'-דער-קאט) ז. ***spider-web***.

spi'der-crab *n.* (ספאי'-דער-קרעב) די ים=שפין, דער טייפעל=קרעבס [אזא קרעבס אדער ראק מיט לאנגע, דינע פיס].



Spider-crab

spi'der-ea'ter *n.* (ספאי'-דער-איע'-טער) א שפינען=כאפער. ז. ***spider-catcher***.

spi'der-fly *n.* (ספאי'-דער-פלאי) דער שפין=אינזעקט [אזא פאראזיטישער אינזעקט וואס האלט זיך אויף אנדערע אינזעקטען, אויף חיות אדער פויגלען].

spi'der-hun'ter *n.* (ספאי'-דער-האנ'-טער) א שפינען=כאפער. ז. ***spider-catcher***.

spi'der-line *n.* (ספאי'-דער-לאין) א שפינוועבס=פאדים וואס ווערט געברויכט ביי אסטראנאמישע אונטערזוכונגען אין א מיקראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע מאסען אדער לענגען].

spi'der-mon'key *n.* (ספאי'-דער-מאנ'-קי) א שפינען=אפע [אזא גרויסע מאלפע מיט דינע לאנגע פיס און מיט א לאנגען עק. דאס פלייש פון איינינע מינים פון דיעזע אפען ווערט געברויכט אלס שפייז. זייער פעל האט א בעדייטענדען ווערטה].

spi'der-net *n.* (ספאי'-דער-נעט) נעצווערק אין דער פארם פון שפינוועבס; דאס פערציערעווען אדער פערשטאפען אזוי אז עס זאל זיין עהנליך צו שפינוועבס.

spi'der-stitch *n.* (ספאי'-דער-סטיטש) א שפינוועב=עהנליכעס גענעה [ביים פערציערעווען]; א שפינוועב=עהנליכע האפטונג.

spi'der-wasp *n.* (ספאי'-דער-הוואספ) די שפינען=וועספע [אזא גרויסע פליעג וואס לעגט איהרע אייעלעך אין שפינען=נעסטען].

spi'der-web *n.* (ספאי'-דער-הוועב) שפינוועב.

spi'der-wheel *n.* (ספאי'-דער-הוויעל) א שפינוועב=עהנליכער אויסגעהאפטעטער מוסטער.

spi'der-work *n.* (ספאי'-דער-הווארק) א שפינוועב=עהנליכע שטיקעריי.

spi'derwort *n.* (ספאי'-דער-הווארט) שפינען=גראז [אזא פלאנצע מיט לאנגע בלעטער און צארטע בלויע אדער רויטליך=וויאלעטע בלימעלעך].

spi'dery *a.* (ספאי'-דער-אי) שפינען=עהנליך.

spie'gel *n.* (ספיעגל) ז. ***spiegeleisen***.

spie'geleisen *n.* (ספיע'גל-אי-זען) שפיעגעל=אייזען [אזא גוס=אייזען, וואס ענטהאלט אין זיך א גרויסען פראצענט מאנגאן אדער ברוינשטיין].

spie'gelerz *n.* (ספיע'גל-ערץ) שפיעגעל=אייזענשטיין. ז. ***ironstone***.

spie'gel-i'ron *n.* (ספיע'גל-אי'-ערן) ז. ***spiegeleisen***.

spi'er *n.* (ספאי'-ער) א שפיאן.

spif'licate *v.* (ספיפ'-לי-קייט) שטיקען, ווארגען, דערשטיקען; טויטען.

spiflica'tion *n.* (ספיפ-לי-קיי'-שאן) דערווארגונג, דערשטיקונג; פערניכטונג, טויטונג.

spig'nel *n.* (ספיג'-נעל) ז. ***spicknel***.

spig'net *n.* (ספיג'-נעט) דער אמעריקאנישער נארד. ז. ***spikenard***.

spig'ot *n.* (ספיג'-אט) א צאפען, א שפונט [פון א פעסעל].

spig'ot-pot *n.* (ספיג'-אט-פאט) א ליימענע אדער פארצעלייענע כלי מיט אן עפנונג פאר א צאפען.

spike *n. and v.* (ספאיק) א שארפער שפיץ; א פערשפיצונג; א פלאקען; א לאנגער טשוואק, א באלץ; א קלין, א שפונט, א צאפען; אן אייזענדעל אויף א שוך=זויל [צו פערהיטען פון אויסגליטשונג]; א זאנג; א זאנג=עהנליכע פלאנצע; די גארטען=לאווענדעל [אזא פלאנ=

צע]; א גלייכער הארן פון א יונגען הירש: פערשפיצען; אויסשלאגען אדער בעפעס־טיגען מיט באלצען אדער מיט לאנגע טשוועקעס; פערקלאפען מיט א קלין אדער מיט א שפונט; אויסזעצען מיט שפיצען [ווי למשל, א טויער, א וואנד א. ז. וו.].

spike'bill *n.* (ספאיק׳־ביל) דער קאל־בען־טויכער [אזא קאטשקע] [ז. ***merganser***]; אזא פפוהל־שנעפע [ז. ***godwit***].

spike'-extrac'tor *n.* (ספאיק׳־עקס־טרעק׳־טאר) אן אפאראט ארויסצוציהען טשוועקעס אדער באלצען.

spike'-grass *n.* (ספאיק׳־גרעס) אזא הארטעס, אמעריקאנישעל גראז וואס וואקסט אויף זאמדיגען בארען ביי די ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן.

spike'horn *n.* (ספאיק׳־האהרן) דער הארן [הויפטזעכליך א גלייכער] פון א יונגען הירש; א יונגער הירש [א זכר].

spike'-lav'ender *n.* (ספאיק׳־לעוו׳־ען־דער) די גארטען־לאווענדעל. ז. ***lavender***.

spike'let *n.* (ספאיק׳־לעט) א זאנגעל; א קליינע זאנג־עהנליכע בליהונג.

spike'-nail *n.* (ספאיק׳־נייל) א לאנגער טשוואק, א קלין, א באלץ.

spike'nard *n.* (ספאיק׳־נארד) אינדישער נארד [אזא ארא־מאטישע געוויירץ־פלאנצע]; נארד, נארדען־בשמים [נרד].

spike'nard-tree *n.* (ספאיק׳־נארד־טריע) א מין אמע־ריקאנישע גראז־פלאנצע מיט א די־קען ווארצעל, וואס ווערט געברויכט אלס הייל־מיטעל.

spike'-oil *n.* (ספאיק׳־איל) לא־ווענדעל־אויל. ז. ***lavender***.

Spikenard

spi'ker *n.* (ספאי׳־קער) אן ארבייטער וואס שלאגט אריין באלצען אין די שיע־נען [רעלסען].

spike'-rush *n.* (ספאיק׳־ראש) די טייך־בינזע [אזא פלאנצע].

spike'-team *n.* (ספאיק׳־טים) א גע־שפאן פון דריי פערד, אקסען א. ז. וו., פון וועלכע צוויי זיינען געשפאנט אין די אלאבליעס און דער דריטער געהט פאראויס.

spi'ky *a.* (ספאי׳־קי) שפיציג; עהנליך צו א טשוואק אדער באלץ; אויסגעזעצט מיט שפיצען אדער באלצען.

spile *n.* and *v.* (ספאיל) א פאליע, א פלאקען; א צאפען, א שפונט; מאכען אן עפנונג און פערשטאפען מיט א צאפען; אנשלאגען פאליעס אדער פלעקער.

spile'-hole *n.* (ספאיל׳־האול) א צאפען־לאך, א שפונט־לאך.

spil'ikin *n.* (ספיל׳־אי־קין) ז. ***spillikin***.

spill *v.* and *n.* (ספיל) אויסגיסען, פער־גיסען, זיך פערגיסען; פערשיטען, אויס־שיטען, זיך פערשיטען; פערשווענדען; אראבווארפען פון א פערד אדער וואגען; בעפרייען א זעגעל פון ווינד; א ווארף אדער פאל פון א פערד אדער פון א וואגען; א גוס, א שטראם; א שפינדעל; א שטיקעל האלץ אדער פאפיער צום אנצינ־דען עפעס.

spill'-case *n.* (ספיל׳־קייס) א קליינע פערציערונגס־וואזע אויף א קאמין צום האלטען שטיקלעך האלץ צום אנצינדען עפעס.

spill'-chan'nel *n.* (ספיל׳־טשען׳־על) ז. ***spill-stream***.

spill'er *n.* (ספיל׳־ער) איינער וואס פערשיט אדער פערגיסט.

spil'likin *n.* (ספיל׳־אי־קין) א לאנג שטיקעל האלץ, ביין א. ד. ג., וואס ווערט געברויכט ביי געוויסע שפיעלען; א שפיעל מיט אזעלכע שטעקלעך [ז. ***jackstraw***]; שטיקלעך האלץ וואס ווערען געברויכט ביי געוויסע שפיעלען, אום צו האלטען חשבון.

spill'ing-line *n.* (ספיל׳־אינג־לאין) א שטריק וואס ווערט אין א שטורם צו־געבונדען צו א זעגעל, אום צו בעפרייען דעם זעגעל פון ווינד.

spill'-stream *n.* (ספיל׳־סטרים) א פלוס אדער שטראם וואס בילדעט זיך פון דער פערפלייצונג פון א טייך.

spill'way *n.* (ספיל׳־הוויי) אן אבפלוס־ארט פאר דעם וואסער פון א רעזער־וואואר.

spilt (ספילט) פערגאסען; פערשאטען. ז. ***spill***.

spilth *n.* (ספילטה) עטוואס וואס ווערט פערגאסען; אן איבערפלוס.

spi'lus *n.* (ספאי׳־לאס) א פלעק אויף׳ן לייב; א געבורטס־צייכען.

spin *v.* and *n.* (ספין) שפינען; שנעל דרעהען אין דער רונד, ווירבלען; "אויס־שפינען" פון קאפ; אויסציהען אין דער לענג; אויסדרעהען פון בלעך אויף א טאק־מאשין א רונדע כלי; אויסבראקי־רען ביי אן עקזאמען; זיך דרעהען שנעל אין דער רונד ווי א דריידעל; זיך ווירב־לען; ארויסשפריצען מיט א דינעם שטראם; שנעל געהן; שנעלע דרעהונג אין דער רונד; דאס ווירבלען; א שנעלע בעוועגונג.

spin'ach *n.* (ספין׳־עדזש) [אזא ספינאט גארטען־פלאנצע מיט דיקע בלעטער וואס ווערען געברויכט אלס שפייז].

spin'age *n.* (ספין׳־עדזש) ז. ***spinach***.

spi'nal *a.* (ספאי׳־נעל) וואס געהערט צום רוקען־ביין אדער צו דעם ווירבעל־זייל.

spi'nal col'umn (ספאי׳־נעל קאל׳־אם) דער ווירבעל־זייל, דער רוקען־ביין.

spi'nal cord (ספאי׳־נעל קאהרד) דער חוט השדרה, דער רוקען־ביין מארך.

spi'nal mar'row (ספאי׳־נעל מער׳־או) ז. ***spinal cord***.

spi'nate *a.* (ספאי׳־נייט) בעדעקט מיט שטאכלען אדער נאדלען; שטאכלדיג, נא־דעלדיג.

spi'nated *a.* (ספאי׳־נע־טעד) ז. ***spinate***.

spin a yarn (ספין ע יארן) דערצעה־לען א לאנגע געשיכטע.

spin'dle *n.* and *v.* (ספינדל) א שפינ־דעל פון א שפין־רעדעל; אירגענד וועל־כער פערשפיצטער שטיפט וואס דרעהט זיך; א צאפען [דער דינער ענד פון א וואל אדער אקס]; א קליינער אקס אדער וואליק; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שפינדעל; אין געאמעטריע — א קערפער וואס ווערט געבילדעט דורך דער ראטא־ציאן [דרעהונג] פון א געבויגענער לי־ניע אדער קרייז־בויגען ארום זיין כארדע [זעהנע]; א דינער שטענגעל פון א פלאנ־צע; די שפינדעל־שנעקע [אזא שנעקע וואס ליעגט אין א מושעל וואס איז עהנ־ליך צו א שפינדעל]; א לענגען־מאס פאר פאדים: פאר באוועל 15,120 יארד און פאר פלאקס 14,400 יארד; אויסוואקסען אין א לאנגען און דינעם שטענגעל.

spin'dle-legged *a.* (ספין׳דל־לעגד) מיט לאנגע, דינע פיס.

spin'dle-legs *n.* (ספין׳דל־לעגז) א הויכער מענש מיט לאנגע דינע פיס; לאנגע דינע פיס.

spin'dle-shanked *a.* (ספין׳דל־שענקט) ז. ***spindle-legged***.

spin'dle-shanks *n.* (ספין׳דל־שענקס) ז. ***spindle-legs***.

spin'dle-shaped *a.* (ספין׳דל־שייפט) וואס האט די פארם פון א שפינדעל.

spin'dle-shell *n.* (ספין׳דל־שעל) א שפינדעל־מושעל [א מושעל, וואס איז עהנליך צו א שפינדעל].

spin'dle-worm *n.* (ספין׳דל־הוואירם) דער שפינדעל־ווארים [אזא ווארים וואס צופרעסט קוקורוזע אדער טערקישע ווייץ].

spind'ling *a.* and *n.* (ספינד׳־לינג) עהנליך צו א שפינדעל, לאנג און דין; א לאנגע און דינע זאך; א הויכער, מא־גערער מענש.

spind'ly *a.* (ספינד׳־לי) עהנליך צו א שפינדעל; לאנג און דין.

spine *n.* (ספאין) דער רוקען־ביין; א שטאכעל; א נאדעל [פון א בוים]; א שטאכעל־עהנליכער אנוואוקס אדער ארויס־שטארצונג.

spined *a.* (ספאינד) וואס האט א רוקען־ביין; שטאכעלדיג, מיט שטאכלען; נא־דעלדיג.

spin'el *n.* (ספין׳־על) דער שפינעל [אזא מינעראל וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע קאלירען און ווערט בענוצט אלס איינפאסונגס־שטיין פאר ציערונג]. ז. איל. ***"Gems"***.

spine'less *a.* (ספאין׳־לעס) אהן א רו־קען־ביין; שוואך, אהן ענערגיע, אהן קו־ראזש, וואס האט ניט קיין פעסטקייט; וואס האט ווייכע פלוס־פעדערען, וואס האט ניט קיין שטאכלען אין די פלוס־פעדערען [וועגען פיש].

spinelle' *n.* (ספי־נעל׳) ז. ***spinel***.

spin'el ru'by (ספין׳־על רוה׳־בי) דער רוביך־שפינעל [דער רויטער שפינעל וואס ווערט בענוצט אלס איינפאסונגס־שטיין אין ציערונג].

spines'cent *a.* (ספאי־נעס׳־ענט) וואס פערוואנדעלט זיך אין דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכעלדיג.

spin'et *n.* (ספין׳־עט) [אזא שפינעט א מוזיקאלישער אינסטרומענט, עהנליך צו אן אלטמאדישען קלאוויר].

spin hay (ספין היי) דרעהען שטריק פון היי ווי דאס ווערט געטהאן פאר מי־ליטערישע צוועקען.

spinif'erous *a.* (ספאי־ניפ׳־ע־ראס) וואס גיט ארויס דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכלדיג.

spi'niform *a.* (ספאי׳־ני־פארם) וואס האט די פארם פון א שטאכעל אדער דארן.

spin'nage *n.* (ספין׳־עדזש) ז. ***spinach***.

spin'naker *n.* (ספין׳־ע־קער) אזא גרויסער זעגעל אויף דעם הויפט־מאסט פון א שיף געגענאיבער דעם הויפט־זעגעל.

spin'ner *n.* (ספין׳־ער) א שפינער, א שפינערין; א שפין־מאשין; א שפין; דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים; אן ארבייטער וואס בויגט

אויס בלעכענע כלים אויף א דרעה=באנק אדער טאק=מאשין.

spin′nerẹt *n.* (ספינ′-ער-עט) דער שפינארגאן פון א שפין אדער פון א זייד-ווארים.

spin′nery *n.* (ספינ′-ער-אי) א שפינעריי, א שפין=פאבריק.

spin′ney *n.* (ספינ′-אי) א קליין וועלדעל, א וועלדעל פון קליינע בוימלעך.

spin′ning *n.* (ספינ′-אינג) דאס שפינען; שפינעריי; דאס אויסבויגען בלעכענע כלים אויף א דרעה=באנק אדער טאק-מאשין.

spin′ning-frame *n.* (ספינ′-אינג-פריים) א שפין=שטוהל, א שפין=מאשין.

spin′ning-jen′ny *n.* (ספינ′-אינג-דזשענ′-אי) א שפין=מאשין וועלכע שפינט איינינע פעדים מיט אמאל.

spin′ning-machine′ *n.* (ספינ′-אינג-מע-שין′) א שפין=מאשין.

spin′ning-mill *n.* (ספינ′-אינג-מיל) א שפינעריי, א שפין=פאבריק.

spin′ning-or′gan *n.* (ספינ′-אינג-אהר′-גען) דער שפין=ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד=ווארים.

spin′ning-wheel *n.* (ספינ′-אינג-הוויעל) א שפינרעדעל.

Spinning-wheel

spin′ny *n.* (ספינ′-אי) ז. *spinney*

spi′nose *a.* (ספאי′-נאום) דערנערדיג; שטאכעלדי, נאדעלדיג.

spi′nosely *adv.* (ספאי′-נאום-לי) מיט שטאכלען, מיט נאדלען; דערנערדיג.

spinos′ity *n.* (ספאי-נאס′-אי-טי) דאס זיין דערנערדיג אדער שטאכעלדיג; א דערנערדיגע זאך; דאס זיין פול מיט דערנער; א שוועריגקייט.

spi′nous *a.* (ספאי′-נאם) שטאכעלדיג, נאדעלדיג; מיט שטאכלען; שטעכיג; שפיציג.

spin out (ספין אוט) פערציהען, אויסציהען אין דער לענג; פערשלעפען.

Do not let us **spin out** the proceedings.

Spino′zism *n.* (ספי-נאו′-זיזם) שפינאזיזם, די פילאזאפישע לעהרע פון ברוך שפינאזא [געב. 1632, געשט. 1677]. שפינאזא האט געלערענט, אז אלץ וואס איז אין דער וועלט, איז אדער א "סובסטאנץ", ד. ה. אן "עפעס" וואס האט אין זיך פערשיעדענע אייגענשאפטען, אדער אן "אטריבוט", ד. ה. א נויטווענדיגע אייגענשאפט, אין וועלכער עס דריקט זיך אוים דאס וועזען פון דער סובסטאנץ, אדער א "מאדום", ד. ה. א צופעליגער צושטאנד אדער פארם, אין וועלכער עס געפינט זיך די סובסטאנץ. דאס אבסאלוטע אדער "גאט" איז די איינציגע סובסטאנץ, וועלכע איז אונבעגרענצט, אונענדליך, פאלקאם און איז כולל אין זיך די גאנצע וועלט. פון דער אונענדליכער צאהל אטריבוטען, וועלכע קענען זיין אנגעהעריג דיעזער איינציגער סובסטאנץ, זיינען דענקליך פאר אונז נור צוויי: א ו י ס ד ע ה נ ו נ ג און ג ע ד א נ ק, און דיזע צוויי אטריבוטען צייגען זיך ארוים אין יעדען "מאדום", ד. ה. אין יעדער איינצעלנער זאך פון דער וועלט. יעדער מאדום, יעדע איינצעלנע זאך איז פון דעם שטאנדפונקט פון א ו י ס ד ע ה נ ו נ ג — "מאטעריע", און פון שטאנדפונקט פון ג ע ד א נ ק — "גייסט". אויף אזא אופן זיינען גייסט און מאטעריע ניט צוויי בעזונדערע סובסטאנצען, נאר ביידע זיינען "אטריבוטען" אדער וועזענטליכע אייגענשאפטען פון איין איינציגער סובסטאנץ פון גאט, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט אויף די וועלט.

Spino′zist *n.* (ספי-נאו′-זיסט) אן אנהענגער פון שפינאזא′ס פילאזאפיע. ז. *Spinozism*

spin′ster *n.* (ספינ′-סטער) א שפינערין; אן עלטערע אונפערהייראטע פרוי; אן אונפערהייראטע פרוי; אן אלטע מויד.

spin′sterhood *n.* (ספינ′-סטער-הוד) דאס אונפערהייראטע לעבען [פון א פרוי]; דאס זיין אן אלטע מויד.

spin′stership *n.* (ספינ′-סטער-שיפ) ז. *spinsterhood*

spin street′-yarn (ספין סטריעט′-יארן) זיך ארומשלאיען אין די גאסען, ארומגעהן פוסט און פאס; ארומגעהן דערצעהלען בבא=מעשיות.

spin′stress *n.* (ספינ′-סטרעס) א שפינערין.

spin′there *n.* (ספינ′-טהיער) אזא גרינגרויער טיטאניט=שטיין.

spin′ule *n.* (ספינ′-יול) א קליינער שטאכעל, א קליינער דארן.

spin′ulose *a.* (ספינ′-יו-לאום) בעוואקסען מיט קליינע שטאכלען.

spi′ny *a.* (ספאי′-ני) שטאכעלדיג, נאדעלדיג, שטעכיג; דערנערדיג; שוועריג, מיהזאם, פערפלאנטערט.

spir′acle *n.* (ספיר′-עקל) א לאך, אן עפנונג; א שוויים=פארע [א שוויים=לעכעל]; א לופט=רעהר, א לופט=עפנונג אין קערפער.

spirac′ular *a.* and *n.* (ספאי-רעק′-יו-לאר) וואס איז שייך צו אן אטעמונגס=עפנונג; צוגעפאסט צום אטעמען; א ביינדעל אדער בראמשקע ביי דער אטעמונגס=עפנונג פון פיש.

spirac′ulum *n.* (ספאי-רעק′-יו-לאם) ז. *spiracle*

Spiræ′a *n.* (ספאי-ריע′-א) א מין ראזען=פלאנצען מיט ווייסע אדער ראזע בלומען.

spi′ral *a.*, *n.* and *v.* (ספאי′-רעל) ווי א שפיראלע, שפיראל=פערמיג; צונויפגעדרעהט; עהנליך צו א שרויפען=ליניע; א שפיראל=ליניע; א שרויפען=ליניע; א שפיראל=פעדער, א שפיראל=פרוזשינע; מאכען שפיראל=פערמיג.

spiral′ity *n.* (ספאי-רעל′-אי-טי) שפיראל=פערמיגקייט.

spi′ral line (ספאי′-רעל לאין) א שפיראל=ליניע [א ליניע געדרעהט ווי א שפיראלע]; א שרויפען=ליניע.

spi′rally *adv.* (ספאי′-רעל-אי) אויף דעם אופן פון א שפיראלע.

spi′rant *n.* (ספאי′-רענט) א ספיראנט, א הויך=לויט [א קאנזאנאנט וואס ווערט אויסגעשפראכען אויסהויכענדיג אדער ארויסלאזענדיג אטעם, ווי די בוכשטאבען *v*, *f* א. ד. ג.].

spira′tion *n.* (ספאי-ריי′-שאן) דאס הויכען, אטעמונג, א הויך.

spire *n.* and *v.* (ספאיר) א טורם=שפיץ; א שפיציגער טורם; א שפיץ; א דינער לאנגער גראז=שטענגעל; א שפיראלע; איין ווענדונג אדער איין רינגעל פון א שפיראלע; א מאטעמאטישע ליניע וואס בעשטעהט פון אן איינצעלנער ווענדונג פון א שפיראלע; אין מינען — דער ראהר וואס פיהרט דעם צינדער צו דעם אויפרייס=פולווער אין שפרענג=לאך; דער זכר פון די רויטע הירשען אין זיין דריטען יאהר; בעזארגען מיט א שפיץ אדער שפיצען; אויסבויען מיט שפיציגע טורמס; אבשפיצען, מאכען מיט א שפיץ; אויסוואקסען מיט א שפיץ; ארויסלאזען שפיציגע וואָרצעלעך [ווי קערנער ווען מען האלט זיי אין דער פייכטקייט].

Spires

spired *a.* (ספאירד) וואס האט א שפיציגען טורם [ווי א קלויסטער]; מיט א שפיץ, צוגעשפיצט.

spire′-light *n.* (ספאיר′-לאיט) א פענסטער אין א טורם=שפיץ.

spir′it *n.* and *v.* (ספיר′-איט) דער גייסט, די זעעלע, די נשמה; גייסט, מוטה, קוראזש, פייער, ענערגיע; א מענש מיט גייסט, ענערגיע, קוראזש א. ז. וו.; א גייסט, אן איבערנאטירליכעס וועזען, א מלאך, א רוח, א שד; דער גייסט, דער עסענץ, דיווירקליכע בעדייטונג [אין געגענזאץ צו דער בוכשטעבליכער]; ספיריטום, ספיריט; א טינקטור [עטוואס אויפגעלעזט אין ספיריטום אלס א מעדיצין]; בעגייסטערען, אויפמונטערען, בעלעבען, ערמוטיגען; אוועקפיהרען אין געהיים אדער מאכען פערשווינדען ווי דורך א רוח; בעהאנדלען מיט ספיריטום.

Spir′it *n.* (ספיר′-איט) דער הייליגער גייסט [ביי די קריסטען].

spir′it-blue *n.* (ספיר′-איט-בלוה) אנאלין=בלוי [א פארב וואס מען בעקומט פון קויהלן=טער און וואס ווערט צולאזען אין ספיריטום].

spir′it-but′terfly *n.* (ספיר′-איט-באט′-ער-פלאי) אזא שמעטערלינג [זומער=פויגעלע] וואס געפינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא.

spir′it-duck *n.* (ספיר′-איט-דאק) דער בופעל=קאפ [אזא אמעריקאנער קאטשקע וועלכע צייכענט זיך אוים מיט איהר בליצשנעלען אונטערטונקען זיך אין וואסער].

spir′ited *a.* (ספיר′-אי-טעד) לעבהאפט, מונטער, מוטיג, בעלעבט, פייעריג; וואס האט א גייסט פון א בעשטימטען כאראקטער [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

spir′itedly *adv.* (ספיר′-אי-טעד-לי) אויף א לעבהאפטען אופן; מונטער, מוטיג; מיט קוראזש; מיט פייער.

spir′itedness *n.* (ספיר′-אי-טעד-נעס) לעבהאפטיגקייט, מוטיגקייט, מונטערקייט.

spir′it-gum *n.* (ספיר′-איט-גאם) אזא

קלעפיגער שטאף וואס טריקענט שנעל [ווערט געברויכט פון אקטיארען צוצוקלעפען בערד א. ז. וו.].

spir'iting *n.* (ספיר'-אי-טינג) גייסטער-ארבייט, צויבעריי; ארבייט וואס ווערט געמאכט זעהר שנעל און שטיל ווי פון א גייסט.

spir'itism *n.* (ספיר'-אי-טיזם) ספיריטיזם, דאס גלויבען אין דעם פערקעהר פון גייסטער מיט מענשען. ז. *spiritualism*.

spir'itist *n.* (ספיר'-אי-טיסט) א ספיריטיסט, א גלויבער אין ספיריטיזם. ז. *spiritism*.

spiritis'tic *a.* (ספיר-אי-טיס'-טיק) ספיריטיסטיש, אין איינקלאנג מיט ספיריטיזם. ז. *spiritism*.

spir'it-lamp *n.* (ספיר'-איט-לעמפ) א ספיריטוס-לאמפ.

spir'itless *a.* (ספיר'-איט-לעס) מוטלאז, אהן מוטה, אהן קוראזש; נידערגעשלאגען, אומעטיג; לעבענסלאז, טויט.

spir'itlessly *adv.* (ספיר'-איט-לעס-לי) אויף א מוטלאזען אופן; אהן מוטה, אהן קוראזש; מיט נידערגעשלאגענהייט; אומעטיג; לעבענסלאז, טויט.

spir'itlessness *n.* (ספיר'-איט-לעס-נעס) מוטלאזיגקייט; אומעטיגקייט, נידערגעשלאגענקייט; אבגעלאזענקייט, לעבענסלאזיגקייט.

spir'it-lev'el *n.* (ספיר'-איט-לעוו'-על) א ניוועליער-וואג [ווי א וואסער-וואג א. ד. ג. צו מעסטען האריזאנטאלע פלעכען].

spir'it-me'ter *n.* (ספיר'-איט-מי'-טער) אן אפאראט צו מעסטען די מאס ספיריטוס וואס פליסט פון א דיסטיליר-ראהר.

spir'it of the age (ספיר'-איט אוו טהי איידזש) דער צייט-גייסט.

spir'it of tur'pentine (ספיר'-איט אוו טויר'-פענ-טאין) טערפענטין-אויל.

spir'it of wine (ספיר'-איט אוו הוואין) אלקאהאל, ספיריטוס, בראנפען.

spirito'so *adv.* (ספיר-אי-טאו'-סאו) אין מוזיק — לעבהאפט, מונטער, ענערגיש.

spir'itous *a.* (ספיר'-אי-טאס) ווי ספיריטוס, ריין, ראפינירט.

spir'itousness *n.* (ספיר'-אי-טאס-נעס) דאס זיין ווי ספיריטוס, ריינקייט, ראפינירטקייט.

spir'it-rap'per *n.* (ספיר'-איט-רעפ'-ער) א גייסטער-קלאפער [איינער וואס גלויבט, אז ער קען ארויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך קלעפ וואס זיי גיבען אויף א טיש אלס ענטפער, אדער דורך דעם, וואס זיי מאכען, אז דער טיש זאל זיך שאקלען, טאנצען א. ד. ג.].

spir'it-rap'ping *n.* (ספיר'-איט-רעפ'-אינג) גייסטער-קלאפעריי [דאס גלויבען אין דער מעגליכקייט פון ארויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך די קלעפ וואס זיי גיבען אויף א טיש אדער דורך דעם וואס זיי מאכען, אז דער טיש זאל טאנצען א. ד. ג.].

spir'its *n.* (ספיר'-איטס) שפירט, ספיריטוס, אלקאהאל; מוטה, קוראזש, ענערגיע, פייער.

spir'it-stir'ring *a.* (ספיר'-איט-סטויר'-אינג) וואס וועקט, רעגט אויף אדער בעלעבט דעם גייסט.

spir'itual *a. and n.* (ספיר'-אי-טשו-על) גייסטיג, ניט קערפערליך, רוחניות'דיג; גייסטליך, קירכליך, הייליג; וואס איז שייך צום רוח הקדש; ספיריטיסטיש [ז. *spiritualism*]; וואס בעשטעהט בלויז פון גייסט; א גייסטיגע זאך; א גייסטליכער; א גייסטיגע פערזאן.

spir'itual court (ספיר'-אי-טשו-על קאורט) א קירכען-געריכט.

spiritualisa'tion *n.* (ספיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאן) ז. *spiritualization*.

spir'itualise *v.* (ספיר'-אי-טשו-על-איז) ז. *spiritualize*.

spir'itualiser *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי-זער) ז. *spiritualizer*.

spir'itualism *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-איזם) ספיריטואליזם, די פילאזאפישע לעהרע וואס בעהויפטעט, אז דאס גייסטיגע וועזען [אין געגענזאץ צו מאטעריע] האט א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ און איז דער עיקר פון אלע ערשיינונגען [ז. *idealism*]; די לעהרע אז דער מענש בעזיצט אן אונשטערבליכען גייסט און ער האט מאראלע בעציהונגען צו גאט; ספיריטיזם, דאס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט מענשען [מייסטענס דורך א מעדיום]; גייסטיגקייט, דאס זיין גייסטיג.

spir'itualist *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-איסט) א ספיריטואליסט, אן אנהענגער פון ספיריטואליזם; א ספיריטיסט, איינער וואס גלויבט אין ספיריטיזם [ז. *spiritualism*]; א גייסטיגער, א גייסטליכער.

spiritualis'tic *a.* (ספיר-אי-טשו-ע-ליס'-טיק) ספיריטואליסטיש, וואס איז שייך צו ספיריטואליזם; ספיריטיסטיש; וואס איז שייך צו ספיריטיזם. ז. *spiritualism*.

spiritual'ities *n.* (ספיר-אי-טשו-על'-אי-טיז) די קירכליכע הכנסות פון א גייסטליכען; זאכען וואס בעלאנגען צו א קירך אדער צו א קירכען-בעאמטען.

spiritual'ity *n.* (ספיר-אי-טשו-על'-אי-טי) גייסטיגקייט; רוחניות'דיגקייט; דאס וואס געהערט צו דער קירך.

spiritualiza'tion *n.* (ספיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאן) פערגייסטיגונג; די גייסטיג-מאכונג; דאס ציהען ספיריטוס.

spir'itualize *v.* (ספיר'-אי-טשו-על-איז) פערגייסטיגען, מאכען גייסטיג; צוגעבען א גייסטיגע בעדייטונג; בעלעבען; ציהען ספיריטוס; פערוואנדלען אין ספיריטוס.

spir'itualizer *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי-זער) א פערגייסטיגער, איינער וואס מאכט גייסטיג; איינער וואס בעלעבט.

spir'itual life (ספיר'-אי-טשו-על לאיף) דאס גייסטיגע לעבען.

spir'itually *adv.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי) אויף א גייסטיגען אופן; אין א גייסטיגען זין; אזוי ווי א גייסט.

spir'itual-min'ded *a.* (ספיר'-אי-טשו-על-מאינ'-דעד) וואס דענקט בלויז וועגען גייסטיגע זאכען; רעליגיעזן געזאנען.

spir'itual-min'dedness *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-מאינ'-דעד-נעס) דאס זיין פערטהאן אין גייסטיגע זאכען; דאס זיין רעליגיעז געזאנען.

spir'itualness *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-נעס) גייסטיגקייט.

spir'itual philos'ophy (ספיר'-אי-טשו-על פי-לאס'-א-פי) די ספיריטואליסטישע פילאזאפיע. ז. *spiritualism*.

spirituelle' *a.* (ספיר-אי-טיו-על') גייסטרייך, גראציעז אדער דעליקאט [בעזאנדערס וועגען א פרוי].

spirituos'ity *n.* (ספיר-אי-טשו-אס'-אי-טי) גייסטיגקייט, אונקערפערליכקייט; דער ספיריטוס-אינהאלט, דער אלקאהאל-אינהאלט; די ספיריטוס-שטארקייט.

spirituo'so *adv.* (ספיר-אי-טשו-או'-סאו) ז. *spiritoso*.

spir'ituous *a.* (ספיר'-אי-טשו-אס) וואס ענטהאלט ספיריטוס, וואס ענטהאלט פיעל אלקאהאל, שטארק; דיסטילירט.

spir'ituousness *n.* (ספיר'-אי-טשו-אס-נעס) דאס ענטהאלטען אלקאהאל אדער ספיריטוס, שטארקייט [פון ספיריטוס]; דאס זיין דיסטילירט.

spir'itus *n.* (ספיר'-אי-טאס) ספיריטוס; אן אטעם-צוג.

spir'it-world *n.* (ספיר'-איט-הוואירלד) די גייסטער-וועלט.

spirom'eter *n.* (ספאי-ראמ'-ע-טער) א ספיראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינהאלט אדער קאפאציטעט פון מענשליכע לונגען].

spi'rophore *n.* (ספאי'-רא-פאור) אן אפאראט פאר קינסטליכער אטעמונג.

spirt *n. and v.* (ספוירט) ז. *spurt*.

spir'ula *n.* (ספיר'-או-לא) דאס פאסט-הערנדעל [אזא מין טינט-פיש וואס האט א שפיראל-פערמיגע מושעל אויף דעם הינטערשטען טייל פון קערפער].

Spirula

spir'ulate *a.* (ספיר'-או-לייט) שפיראל-פערמיג.

spir'y *a.* (ספאיר'-אי) וואס האט די פארם פון א שפיציגען טורם אדער פון א פיראמידע; שפיציג, טורמדיג; איבערפילט מיט טורמס; שפיראל-פערמיג; געדרעהט.

spis'sated *a.* (ספיס'-איי-טעד) פערדיכטעט, געדיכט.

spis'situde *n.* (ספיס'-אי-טיוד) געדיכטקייט.

spit *n. and v.* (ספיט) א בראט-שפיז; א שפיץ לאנד וואס דרינגט אריין אין ים; שפייעכץ; דאס שפייען; א שפיי; א קליינער דינער רעגען אדער שנעע; א שפייעכץ-ענליכע פליסיגקייט ביי פערשיעדענע אינזעקטען; דורכשטעכען מיט א בראט-שפיז, ארויפשטעכען אויף א בראט-שפיז; בראטען אויף א בראט-שפיז; ארויפשטעקען אויף א שטענגעל אדער שטעקען און עס אויפהענגען צום טריקענען; שפייען; אנשפייען; דין רעגענען; אויפגראבען מיט א לאפעטע די ערד, פלאנצען דורך אויפגראבען די ערד מיט א לאפעטע.

spit'ball *n.* (ספיט'-באהל) א צונויפגעקייטער פאפיער-באל צום ווארפען.

spit'box *n.* (ספיט'-באקס) א שפייקעסטעל.

spitch'cock *n. and v.* (ספיטש'-קאק) אן אאל [וויונע] וואס איז געשפאלטען אין דער לענג און געבראטען; שפאלטען אן אאל אין דער לענג און אבבראטען.

spit'-curl *n.* (ספיט'-קוירל) א געקרייזעלטער האר-לאק אויף'ן שטערען.

spite *n. and v.* (ספאיט) א טראץ, א להכעיס; בייזהייט, ערגערניס, פערדרוס; אן אונגליק, א צרה; טראצען, להכעיס טהאן, ערגערען, קרענקען; האסען, בעהאנדלען מיט שנאה אדער בייזקייט.

spite'ful *a.* (ספּאיט'-פול) פיינדזעליג, בייז, להכעיס'דיג.

spite'fully *adv.* (ספּאיט'-פול-אי) אויף א שענדליכען אופן; או"ף א להכעיס'דיגען, בייזוויליגען אדער פיינדזעליגען אופן.

spite'fulness *n.* (ספּאיט'-פול-נעס) להכעיס'דיגקייט; פיינדזעליגקייט, בייזוויליגקייט.

spit'fire *n.* (ספּיט'-פאיר) א כעסן, א היץ-קאפּ.

spit on (ספּיט אן) "שפּייען אויף", שענדליך אדער בעליידיגענד בעהאנדלען.

spit'-poi'son *n.* (ספּיט'-פּאי'זן) א בייזער, גיפטיגער מענש.

spit'-rack *n.* (ספּיט'-רעק) א בראט-שפּיזען געשטעל [אזא אייזערנער געשטעל צו האלטען די בראט-שפּיזען ביים בראטען פליש].

spit'ted *a.* (ספּיט'-עד) ארויפגעשטאכען אויף א בראט-שפּיז, דורכגעשטאכען מיט א בראט-שפּיז; אויסגעוואקסען בלויז אין א שפּיץ אבער אהן צווייגען [וועגען די הערנער פון א הירש].

spit'ter *n.* (ספּיט'-ער) איינער וואס שטעכט אן פליש אויף א בראט-שפּיז; א שפּייער; א יונגער הירש וואס זיינע הערנער זיינען בלויז אויסגעוואקסען אין שפּיצען אבער נאך אהן צווייגען.

spit'ting *n.* (ספּיט'-אינג) דאס שפּייען; דאס שפּריצען פון געשמאלצענעם זילבער אדער פּלאטין אין דער צייט פון אבקיהלונג [ווען געשמאלצענעס זילבער אדער פּלאטין ווערט לאנגזאם אבגעקיהלט פּאנגען אן ביי דעם ענד פון דער אבקיהלונג זיך ארויסרייסען גאזען, וועלכע רייסען מיט זיך מיט שטיקלעך מעטאל, וואס דורך דעם ווערט די אויבערפלעכע אויסגעמאלט אין פערשיעדענע אוזארען].

spit'tle *n.* (ספּיטל) שפּייעכץ; אזא קליינע לאפּעטע.

spit'tly *a.* (ספּיט'-לי) ענליך צו שפּייעכץ; שליימיג.

spittoon' *n.* (ספּי-טוהן') א שפּיי-קעסטעל, א שפּיי-שיסעלע.

spit upon' (ספּיט א-פּאן') ז. *spit on*

spit'-ven'om *n.* (ספּיט'-ווענ'-אם) גיפט-שפּייעכץ, גיפטיגע שפּייעכץ.

spitz *n.* (ספּיטס) א שפּיטץ-הונד [אזא קליין הינטעלע].

spitz'-dog *n.* (ספּיטס'-דאג) ז. *spitz*

splanch'nic *a. and n.* (ספּלענק'-ניק) וואס געהערט צו דער אינגעווייד; א נערוו פון אינגעווייד.

splanchnol'ogy *n.* (ספּלענק-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען דער אינגעווייד.

splash *v. and n.* (ספּלעש) שפּריצען; בעשפּריצען; בעגיסען אדער בעשפּריצען מיט וואסער; בעפּוצען מיט שפּרענקעלעך ווי בעשפּריצט; פּליושקען, פּלעסקען זיך אין וואסער; א פּלעסק [פּליושק] טהאן, פּאלען מיט א פּלעסק [א פּליושק]; א בעשפּריצונג [פון וואסער אדער אנדער פליסיגקייט]; א פּלעשטש אדער פּליוכע [פון וואסער אדער בלאטע]; א שמוץ-פּלעק, א פּלעק פון בלאטע; א פּלעק אויף דער הויט; שמינקע, געזיכטס-פּודער; אן ארט אין וואסער וואו א פיש ווארפּט ארויס זיינע רויגען [איקרע].

splash'-board *n.* (ספּלעש'-באורד) א שפּריץ-ברעט [דאס ברעט אין פּארענט פון א וואגען אדער קארעטע וואס שיצט די פּאסאזשירען, אז זיי זאלען ניט בעשפּריצט ווערען מיט בלאטע אדער שמוץ וואס ווערט געווארפען פון דעם פערד'ס פיס].

splash'er *n.* (ספּלעש'-ער) א שפּריצער; דאס געשפּריצטע; א פארריכטונג וואס שיצט פון בעשפּריצט צו ווערען; א שפּריץ-ברעט [אזא ברעט איבער די רעדער אדער אין פּארענט פון א וואגען צו שיצען די פּאסאזשירען פון בעשפּריצט צו ווערען מיט בלאטע].

splash'-wing *n.* (ספּלעש'-הווינג) ז. *splash-board*

splash'y *a.* (ספּלעש'-אי) בלאטיג, קויטיג, שמוציג.

splat'ter *v.* (ספּלעט'-ער) זיך פּליושקען אדער פּלעסקען [ווי אין וואסער]; א פּליוך טהאן; מאכען א גערויש ווי פון א פּליוך אדער פּלעסק פון וואסער.

splat'ter-dash *n.* (ספּלעט'-ער-דעש) א ליארם, א טומעל, אן אויפרוהר.

splat'ter-faced *a.* (ספּלעט'-ער-פייסט) מיט א ברייטען אדער פּלאטשיגען פּנים.

splay *v., n. and a.* (ספּליי) אויסלינקען [ווי די פּלייצע פון א פערד]; מאכען שרעג אדער משופּע ווי די זייטען פון א פענסטער אין א דיקער מויער-וואנד; אויפשניידען, אויסלעגען, אויסשפּרייטען, ארויסשטעלען צום אנזיכט; א שרעגע אדער משופּע'דיגע פלעכע ווי די זייטען פון א פענסטער אדער טהיר אין א דיקער מויער-וואנד; אויסגעשפּרייט, אויסגעלעגט; ברייט און פּלאך; אונגעלומפּערט.

splay'-foot *n. and a.* (ספּליי'-פוט) א ברייטער פּלאכער פוס וואס איז אביסעל אויסגעבויגען נאך אויסען; וואס האט ברייטע און פּלאכע אויסגעבויגענע פיס; קרום-פיסיג.

splay'-foot'ed *a.* (ספּליי'-פוט'-עד) קרום-פיסיג; וואס האט ברייטע און פּלאכע אויסגעבויגענע פיס.

splay'-mouth *n.* (ספּליי'-מאוטה) א גרויס, ברייט מויל; א ברייט, גרויס מויל וואס ווערט געמאכט דורך א גרימאסע.

splay'-mouthed *a.* (ספּליי'-מאוטהט) מיט א ברייטען, גרויסען מויל; וואס מאכט א ברייט, גרויס מויל, ווי דורך א גרימאסע.

spleen *n. and v.* (ספּליען) די מילץ; מעלאנכאליע, מרה-שחורה; צארן, ערגער, בייזקייט; ארויסנעהמען אדער צושטערען די מילץ.

spleen'ful *a.* (ספּליענ'-פול) ערגערליך, פערדריסליך; מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

spleen'fully *adv.* (ספּליענ'-פול-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן; ערגערליך, פערדריסליך.

spleen'ish *a.* (ספּליענ'-איש) געררייצט, רייצבאר; ערגערליך, בייז; מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

spleen'ishly *adv.* (ספּליענ'-איש-לי) מיט גערייצטקייט; ערגערליך, בייז.

spleen'ishness *n.* (ספּליענ'-איש-נעס) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; דאס זיין מעלאנכאליש אדער מרה-שחורה'דיג; ערגער, בייזקייט.

spleen'less *a.* (ספּליענ'-לעס) אהן א מילץ; ניט ערגערליך, גוטמיטיג.

spleen'y *a.* (ספּליענ'-אי) ערגערליך, בייז, אויפגערעגט, אויפגערייצט, רייצבאר.

splenal'gia *n.* (ספּלי-נעל'-דזשי-א) מילץ-שמערצען.

splenal'gic *a.* (ספּלי-נעל'-דזשיק) וואס ליידעט פון מילץ-שמערץ.

splenal'gy *n.* (ספּלי-נעל'-דזשי) ז. *splenalgia*

splenaux'e *n.* (ספּלי-נאהק'-סיע) אויסברייטונג אדער פערגרעסערונג פון דער מילץ.

splen'dent *a.* (ספּלענ'-דענט) גלאנצענד, שיינענד; פּרעכטיג, גלענצענד.

splen'did *a.* (ספּלענ'-דיד) גלענצענד, פּרעכטיג, הערליך; אויסגעצייכענט, גרויסארטיג.

splen'didly *adv.* (ספּלענ'-דיד-לי) אויף א גלענצענדען אופן; פּרעכטיג; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט.

splen'didness *n.* (ספּלענ'-דיד-נעס) דאס זיין גלענצענד; פּרעכטיגקייט, הערליכקייט.

splendif'erous *a.* (ספּלענ-דיפ'-ע-ראס) ז. *splendid*

splen'dor *n.* (ספּלענ'-דאר) גלאנץ, פּראכט; עלעגאנץ, הערליכקייט.

splen'dorous *a.* (ספּלענ'-דאר-אס) גלענצענד, העל, פּרעכטיג.

splen'dor prune (ספּלענ'-דאר פּרוהן) אזא אמעריקאנישע פלוים. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

splen'dour *n.* (ספּלענ'-דאר) ז. *splendor*

splen'drous *a.* (ספּלענ'-דראס) ז. *splendorous*

splenec'tomy *n.* (ספּלי-נעק'-טא-מי) אויסשניידונג פון דער מילץ.

splenecto'pia *n.* (ספּליע-נעק-טאו'-פּי-א) א ניט ריכטיגע לאגע פון דער מילץ.

splenet'ic *a. and n.* (ספּלי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו דער מילץ; וואס ליידעט פון מילץ-קראנקהייט; בייז, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג; רייצבאר; איינער וואס ליידעט פון מילץ-קראנקהייט; א מעלאנכאליקער, א מרה-שחורה'ניק.

splenet'ical *a.* (ספּלי-נעט'-אי-קעל) בייז, רייצבאר, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

splenet'ically *adv.* (ספּלי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן; אויפגערייצט, בייז.

splen'ic *a.* (ספּלענ'-איק) פון דער מילץ, וואס געהערט צו דער מילץ.

splen'ic vein (ספּלענ'-איק וויין) דער מילץ-אדער, דער אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון דער מילץ צום פּארטע-אדער פון לעבער]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

splenisa'tion *n.* (ספּליע-ני-זיי'-שאן) ז. *splenization*

splenit'ic *a.* (ספּלי-ניט'-איק) וואס ליידעט פון מילץ-ענטצינדונג.

spleni'tis *n.* (ספּלי-נאי'-טיס) מילץ-ענטצינדונג.

splen'itive *a.* (ספּלענ'-אי-טיוו) היציג, ליידענשאפטליך; רייצבאר, צארנדיג.

sple'nius *n.* (ספּליע'-ני-אס) אזא ברייטער מוסקול אויף דער פּלייצע.

spleniza'tion *n.* (ספּליע-ני-זיי'-שאן) די פערוואנדלונג פון די לונגען דורך ענטצינדונג אין א מילץ-ענליכען שטאף.

sple'nocele *n.* (ספּליע'-נא-סיל) א מילץ-געשווילעכץ; א מילץ-ברוך.

splenodyn'ia *n.* (ספּלי-נא-דינ'-אי-א) שמערצען אין דער מילץ.

splenog'raphy *n.* (ספּלי-נאג'-רע-פי) די אנאטאמישע בעשרייבונג פון דער מילץ.

splenol'ogy *n.* (ספּלי-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען דער מילץ.

splenomala'cia *n.* (ספּליע-נא-מע-ליי'-סי-א) די פערווייכונג פון דער מילץ.

splenop'athy *n.* (ספלי-נאפ'-ע-טהי) מילץ=קראנקהייט.

splenot'omy *n.* (ספלי-נאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון מילץ.

spleu'chan *n.* (ספלוה'-כען) א בייטעל; א טאבאק=בייטעל.

splice *v. and n.* (ספלאיס) פעראייניגען אדער פערבינדען צוויי שטיקער מעטאל, האלץ א. ד. ג.; צוזאמענפלעכטען צוויי עקען פון א שטריק; הייראטען; פערהייראטען; די צונויפפלעכטונג פון צוויי ענדען פון א שטריק; די פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי שטיקער האלץ אדער מעטאל.



Splices of Ropes

splice'-piece *n.* (ספלאיס'-פיעס) א פלאטע וואס פעראייניגט די ענדען פון צוויי אייזענבאהן=שיענען [רעלסען].

spli'cer *n.* (ספלאי'-סער) א צונויפפלעכטער פון שטריק, א געצייג צונויפצופלעכטען די ענדען פון שטיקער שטריק.

splice the main brace (ספלאיס טהי מיין בריים) נעהמען א גלעזעל משקה [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

spli'cing-fid *n.* (ספלאי'-סינג-פיד) אזא שפיציגעס האלץ=פלעקעל וואס ווערט בענוצט אויף שיפען אויפצודריבלען די ענדען פון שטריק ווען מען דארף זיי צונויפפלעכטען איינע מיט די אנדערע.

spli'cing-ham'mer *n.* (ספלאי'-סינג-העמ'-ער) א האמער מיט א שפיץ.

spline *n. and v.* (ספלאין) א פיערקאנטיגער קייל אדער קלין וואס ווערט אריינגעשלאגען אין דעם אויסשניט פון אן אקס און פון דעם ראד וואס זיצט אויף איהם, כדי זיי זאלען זיך דרעהען צוזאמען און ניט בעזונדער; א ווייך שטיקעל האלץ אדער גומיע וואס א צייכנער בענוצט צום אנווארפען גרויסע געבויגענע ליניען; אריינפאסען א קייל אדער קלין אין א ראד מיט אן אקס.

splint *n. and v.* (ספלינט) א שפאן; א שפליטער; א דינער האלץ=שטרייף וואס ווערט בענוצט צו פלעכטען קערב, שטוהלזיצע א. ד. ג.; א דין, בויגזאם ברעטעל פון האלץ אדער מעטאל וואס ווערט בענוצט פאר פערשידענע צוועקען; א ברעטעל איינצובינדען א צובראכענעם ביין, אז ער זאל צוריק צונויפוואקסען; דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; איינבינדען מיט ברעטלעך [ווי א צובראכענער גליעד].

splint'-ban'dage *n.* (ספלינט'-בענ'-דעדזש) א שטייפער באנדאזש [פון גיפס, גומיע א. ז. וו.].

splint'-bone *n.* (ספלינט'-באון) דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז צוגעוואקסען די איקרע.

splint'-bot'tomed *a.* (ספלינט'-באט'-אמד) מיט א דעק אדער זיץ וואס איז אויסגעפלאכטען פון לאנגע און דינע שפענער אדער שטרייפען.

splint'-coal *n.* (ספלינט'-קאול) שיעפער=קויהל, שפליטער=קויהל [אזא מין קויהלען וואס זיינען בלעטערדיג ווי שיעפער=שטיין].

splin'ter *n. and v.* (ספלינ'-טער) א שפאן, א שפליטער; צושפאלטען; זיך צושפאלטען.

splin'ter-bar *n.* (ספלינ'-טער-באר) דאס קווער=שטענגעל אין פארענט פון א וואגען צו וועלכען עס ווערען צוגעבונדען די שטרענגעס; דער קווער=שטענגעל פון א וואגען וואס שטיצט אונטער די רעסארען [פרוזשינעס].

splin'ter-bone *n.* (ספלינ'-טער-באון) דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז אנגעוואקסען די איקרע.

splin'tery *a.* (ספלינ'-טער-אי) שייליג, שפאלטיג; שפליטעריג, שופיג.

split *v., n. and a.* (ספליט) שפאלטען, צושפאלטען; צורייסען; צוטיילען; זיך שפאלטען; פלאצען; פלאצען פאר געלעכטער; זיך פאנאנדערגעהן אין מיינונגען; ניט איינשטימען; אויסזאגען פון חדר, פערראטען א געהיימנים, אויסזאגען איעמענס א סוד; שטימען פאר קאנדידאטען פון געגענגעזעצטע פארטייען; געהן מיט גרויסע שפרייזען; א שפאלט; א ריס; א שפאלטונג; א פארטיי=שפאלטונג; אן אבשפאלטונג; אן אבגעשפאלטענעס שטיק; געשפאלטען, צוריסען, צוטיילט; געריייניגט, צוגעריכטעט און איינגעפעקעלט [וועגען פיש].

split'-back *a.* (ספליט'-בעק) מיט א לעהן געפלאכטען פון שפענער אדער שטרייפען [ווי למשל, א שטוהל].

split'-bot'tomed *a.* (ספליט'-באט'-אמד) ז. *splint-bottomed*.

split cloth (ספליט קלאהטה) א פיעלטייליגער קאפ=באנדאזש [א באנדאזש וואס בעשטעהט פון איין צענטראלען טייל און פון זעקס אדער אכט עקען מיט וועלכע מען פערוויקעלט און פערבינדט].

split'foot *n.* (ספליט'-פוט) דער טייוועל.

split gear (ספליט גיער) א בעטריעבסראד וואס איז געמאכט פון צוויי טיילען.

split hairs (ספליט העהרז) שפאלטען האר, זיך גריבלען, מדקדק זיין כחוט השערה, מקפיד זיין אויף דעם קלענסטען אונטערשיעד.

split in the ranks (ספליט אין טהי רענקס) א צושפאלטונג אין די רייהען, א צושפאלטונג אין א פארטיי, אין א פעראיין א. ז. וו.

split one's vote (ספליט הוואנז וואוט) שטימען פאר קאנדידאטען פון פערשיעדענע פארטייען.

split pease (ספליט פיעז) אבגעשיילטע און געשפאלטענע ארבעס.

splits *n.* (ספליטס) געשפאלטענע פעל צו מאכען לעדער; א גימנאסטישער אדער אקראבאטישער קונץ זיך אוועקצוזעצען מיט ווייט פאנאנדערגעשפרייטע פיס; שפאלטען, ריסען, שפאלטונגען. ז. *split*.

split'ter *n.* (ספליט'-ער) א שפאלטער; א געצייג צום שפאלטען; א האר=שפאלטער, א גריבלער · אזא מין טייערער קוכען וואס ווערט געבאקען ווי וואפעלען.

split'ting *a.* (ספליט'-אינג) 1. שפאלטענד; 2. זעהר שטארק, זעהר העפטיג; 3. זעהר שנעל.

2. He is suffering from a splitting headache.
3. He ran at a splitting pace.

split'ting-machine' *n.* (ספליט'-אינג-מע-שין') א שפאלט=מאשין; א מאשין צו שפאלטען פעל צו מאכען לעדער.

splotch *n.* (ספלאטש) א שמוציגער פלעק, א שמיער=פלעק.

splotch'y *a.* (ספלאטש'-אי) פלעקיג, איינגעשמיערט מיט שמוץ=פלעקען.

splurge *n. and v.* (ספלוירדזש) 1. א שרייעדיגע אדער ליארמדיגע דעמאנסטראציאן; דאס ציהען אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט; 2. אן אויפרוהר, אן אויפרודערונג; 3. מאכען א ליארמדיגע דעמאנסטראציאן, וואס ציהט אויפמערקזאמקייט; 4. אויפרודערען.

2. They are making a splurge in the social life of the town.

splur'gy *a.* (ספלויר'-דזשי) וואס שטעלט זיך ארויס, וואס מאכט א גערודער, וואס ציהט אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט.

splut'ter *v. and n.* (ספלאט'-ער) שפריצען מיט א גערויש; שפריצען פון מויל; ריידען שנעל און ניט קלאר; ארויסשטאמלען, ארויסלאזען האסטיג און ניט דייטליך; א טומעל, אן אויפרוהר.

spod'omancy *n.* (ספאד'-א-מענ-סי) טרעפען אדער זאגען נביאות דורך אש.

spodoman'tic *a.* (ספאד-א-מענ'-טיק) וואס איז שייך צו נביאות=זאגעריי דורך אש.

spod'umene *n.* (ספאד'-יו-מין) ספאדומען [אזא גרינליכער פעלז=שפאט].

spof'fish *a.* (ספאפ'-איש) טומעלדיג; זיך ארויסשטעלענדיג.

spof'fy *a.* (ספאפ'-אי) ז. *spoffish*.

spoil *v. and n.* (ספאיל) רויבען, בערויבען; פלינדערען, פערוויסטען; פערדארבען, פערניכטען; פערדארבען ווערען; רויב, קריעגס=רויב; די גוט=בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען; רויבעריי, פלינדערונג; פערדארבונג, פערניכטונג; די אויסגעגראבענע ערד [ביים גראבען טונעלען, קאנאלען, מינען א. ז. וו.].

spoil'able *a.* (ספאיל'-עבל) וואס מען קען פערדארבען, וואס קען פערדארבען ווערען.

spoil'age *n.* (ספאיל'-עדזש) דאס פאפיער וואס ווערט פערדארבען אדער פאלט אב ביים דרוקען.

spoil'er *n.* (ספאיל'-ער) א רויבער, א פלינדערער; א פערדארבער, א פערוויסטער.

spoil'-five *n.* (ספאיל'-פאיוו) אזא קארטען=שפיעל, ביי וועלכען פינף קארטען ווערען אויסגעטיילט צו יעדען שפיעלער.

spoil'-pa'per *n.* (ספאיל'-פיי'-פער) א שמיערער, א שרייבערעל [א פאפיער=פערדארבער].

spoils *n.* (ספאילז) די גוט בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען.

spoils'man *n.* (ספאילז'-מען) איינער וואס ארבייט פאר א פאליטישער פארטיי אום צו קריעגען א גוט בעצאהלטען אמט ווען זי וועט זיעגען; איינער וואס איז אן אנהעננער פון דער סיסטעם, דאס די טהעטיגע פארטיי=מיטגליעדער זאלען בעלוינט ווערען מיט רעגיערונגס=עמטער, ווען די פארטיי זיעגט.

spoils'monger *n.* (ספאילז'-מאנ-גער) איינער וואס פערטיילט פאליטישע רויב [רעגיערונגס=עמטער צו די טהעטיגע מיטגליעדער פון דער פארטיי וואס האט געזיעגט].

spoil'-sport *n.* (ספאיל'-ספאורט) א שפאס=פערדארבער, א פערגניגען=צושטערער.

spoils sys'tem (ספאילז סיס'-טעם) די סיסטעם צו בעלוינען מיט רעגיערונגס=עמטער די פערזאנען, וועלכע זיינען גע-

ווען טהעטיג פאר דער פארטיי, וועלכע האט געזיעגט.

spoke *n. and v.* (ספאוק) א ספיצע אדער שפייכע פון א ראד [איינס פון די שטעקעלעך פון א ראד וועלכע זיינען אריינגעשטעקט צווישען דער נאבע און דעם רייף]; א שפאקע [איינס פון די שטעקלעך פון א שטייער=ראד פון א שיף]; א טרעפעל פון א לייטער; א שטעקעל אדער שטענגעל מיט וועלכען מען פערהאלט א ראד, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; אריינשטעלען שפייכען אין א ראד; פערהאלטען א ראד מיט א שטעקעל, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; גערעדט, געשפראכען [ז. *speak*].

spoke'-bone *n.* (ספאוק'–באון) דאס שפינדעל [איינער פון די צוויי לאנגע ביינער פון דעם פאדער=ארם]. ז. *radius*

spo'ken *a.* (ספאוקן) גערעדט, געשפראכען. ז. *speak*

spoke'-shave *n.* (ספאוק'–שייוו) א שפייכען=הובעל [אזא געצייג וואס וואגענמאכער אדער טישלער געברויכען צו הובלען די שפייכען אדער ספיצעס פון א ראד און פאר אנדערע צוועקען].

Spoke-shave

spokes'man *n.* (ספאוקס'–מען) א ווארטפיהרער, א פארשפרעכער, איינער וואס ווערט ארויסגעשטעלט צו ריידען פאר אנדערע; א פערטרעטער.

spo'king-machine' *n.* (ספאו'–קינג–מע–שין') אן אפאראט איינצופאסען די שפייכען אדער ספיצען פון א ראד.

spo'lia opi'ma (ספאו'–לי–א א–פאי'–מא) אין אלטען רוים—די בעסטע קריעגסרויב; א ווערטהפאלע רויב.

spo'liary *n.* (ספאו'–לי–ע–רי) דער פלאץ אין אמאליגען רוימישען אמפיטעאטער, וואו מען פלעגט אראבציהען די קליידער פון די גע'הרג'עטע גלאדיאטארען. ז. *gladiator*

spo'liate *v.* (ספאו'–לי–אייט) רויבען; בערויבען, פלינדערען.

spolia'tion *n.* (ספאו–לי–איי'–שאן) בערויבונג, פלינדערונג; פערניכטונג, צושטערונג; דאס רויבען, דאס פלינדערען; דאס פערנעהמען אונגעזעצליך די איינקינפטע פון א קירכען=גוט; א שריפט צו נעהמען אין בעזיץ א קירך אדער איהרע איינקינפטע; אן ענדערונג אדער בעשעדיגונג, וואס ווערט געמאכט אין א דאקומענט פון א זייטיגער פערזאן.; דאס פערברעכען פון פערניכטען די דאקומענטען פון א שיף [דורך דעם קאפיטאן אדער אנדערע שיפסבעאמטע], אויף וועלכער מען האט א חשד, אז זי פיהרט קריעגס=קאנטראבאנד אדער אז זי געהערט צום שונא.

spo'liative *a.* (ספאו'–לי–איי–טיוו) פערמינדערענד, אבנעהמענד; אבצאפענדיג דאס בלוט.

spo'liator *n.* (ספאו'–לי–איי–טאר) א רויבער, א פלינדערער.

spo'liatory *a.* (ספאו'–לי–איי–טא–רי) בערויבענד, פלינדערענד.

sponda'ic *a.* (ספאנ–דיי'–איק) ספאנדעאיש, וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א ספאנדעאוס; וואס דער פינפטער פערזען=פוס איז א ספאנדעאוס. ז. *spondee*

sponda'ical *a.* (ספאנ–דיי'–אי–קעל) ז. *spondaic*

spon'dee *n.* (ספאנ'–דיע) א ספאנדעאוס, א פערזען=פוס וואס בעשטעהט פון צוויי לאנגע אדער צוויי גלייך=בעטאנטע זילבען.

spondu'lics *n.* (ספאנ–דיו'–ליקס) געלד.

spon'dyl *n.* (ספאנ'–דיל) ז. *spondyle*

spondylal'gia *n.* (ספאנ–די–לעל'–דזשי–א) שמערצען אין רוקען=ביין.

spon'dyle *n.* (ספאנ'–דיל) א צונויפשליסונג; א פעראייניגונג אדער צונויפבינדונג פון צוויי טיילען; איינער פון די פערבינדונגס=ביינדלעך פון וועלכע דער רוקען=ביין איז צונויפגעשטעלט.

sponge *n. and v.* (ספאנדזש) א שוואם, א גאמקע; א שוואם=עהנליכער שטאף [ווי אויפגעגאנגענע פוקע טייג, גוס=מעטאל פול מיט לעכלעך א. ד. ג.]; א קאנאנען=רייניגער [א געצייג צו רייניגען הארמאטען]; איינער אדער עטוואס וואס זויגט אין זיך לייכט אריין און גיט פון זיך דאס איינגעזויגענע לייכט ארויס, אזוי ווי א שוואם; איינער וואס לעבט אויף'ן אנדערענס חשבון, א פאראזיט; אברייבען אדער אבווישען מיט א שוואם; איינזויגען; דעגודירען טוך [נעצען און דאמפפען טוך בעפאר דעם נעהען]; אויסזויגען, אויסדריקען, בערויבען, פלינדערען; לעבען פון יענעמס הארעוואניע; זאמלען שוואמען.

sponge'-cake *n.* (ספאנדזש'–קייק) פוקע טארט.

sponge'-di'ver *n.* (ספאנדזש'–דאי'–ווער) א שוואמען=טויכער, א שוואמען=פישער [איינער וואס לאזט זיך אראב אויף'ן גרונד פון ים צו זאמלען שוואמען].

sponge'-far'ming *n.* (ספאנדזש'–פאר'–מינג) דאס קולטיווירען שוואמען.

sponge'-fish'er *n.* (ספאנדזש'–פיש'–ער) א שוואמען=פישער. ז. *sponge-diver*

sponge'let *n.* (ספאנדזש'–לעט) א קליינער שוואם.

spon'geous *a.* (ספאנ'–דזשאס) שוואמיג.

spon'ger *n.* (ספאנ'–דזשער) איינער וואס בענוצט א שוואם; א פערזאן אדער שיף וואס איז פערנומען מיט זאמלען שוואמען; אן אומזיסטיגער פרעסער, א פאראזיט; א טוך=דעגודירער [איינער וואס נעצט אין דאמפף טוך בעפאר עס ווערט גענומען צום נעהען]; א מאשין צו דעגודירען טוך.

sponge'-tree *n.* (ספאנדזש'–טריע) די פארנעזישע אקאציע [אזא אימער=גרינעם בוימעל וואס איז זעהר פערשפרייט אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

spon'giform *a.* (ספאנ'–דזשי–פארם) שוואם=פערמיג, שוואמיג, עהנליך צו א שוואם.

spon'giness *n.* (ספאנ'–דזשי–נעס) שוואמיגקייט.

spon'ging-house *n.* (ספאנ'–דזשינג–האוס) דאס הויז וואו מען פלעגט אין ענגלאנד אמאל האלטען ארעסטירטע בעלי חובות איידער מען האט זיי איינגעשפארט אין געפענגנים, כדי צו געבען זייערע פריינד צייט צו דעקען זייערע חובות.

spon'giole *n.* (ספאנ'–דזשי–אול) דער שוואמיגער איינזויגענדער ענד פון אווארצעל.

spon'giose *a.* (ספאנ'–דזשי–אוס) ז. *spongy*

spongol'ogy *n.* (ספאנ–גאל'–א–דזשי) די לעהרע וועגען שוואמען.

spon'gy *a.* (ספאנ'–דזשי) שוואמיג; פוקע; איינזויגענד; פול מיט לעכלעך ווי א שוואם.

spon'sal *a.* (ספאנ'–סעל) האכצייטליך, וואס געהערט צו הייראט אדער חתונה; וואס איז שייך צו א מאן אדער ווייב.

spon'sible *a.* (ספאנ'–סיבל) גלויבווירדיג, צופערלעסיג; וואס איז ערב.

spon'sion *n.* (ספאנ'–שאן) ערבות, גאראנטיע, קאווירונג; דאס ווערען אן ערב פאר אן אנדערען.

spon'sor *n.* (ספאנ'–סאר) אן ערב; א גאראנטירער, א קאווירער; א טויף=פאטער, א טויף=מוטער; א קוואטער, א קוואטערקע.

sponso'rial *a.* (ספאנ–סאו'–רי–על) וואס איז שייך צו אן ערב אדער גאראנטירער.

spon'sorship *n.* (ספאנ'–סאר–שיפ) דאס זיין אן ערב אדער גאראנטירער; ערבות.

spontane'ity *n.* (ספאנ–טע–ני'–אי–טי) דאס זיין ספאנטאן; דאס קומען פון זיך אליין; דאס ערשיינען אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; זעלבסטטהעטיגקייט, זעלבסט=בעשטימונג, פרייוויליגקייט.

sponta'neous *a.* (ספאנ–טיי'–ני–אס) ספאנטאן; וואס קומט פון זיך אליין; וואס ערשיינט אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; פרייוויליג; זעלבסטטהעטיג; אויטאמאטיש; אינסטינקטיוו.

sponta'neous genera'tion (ספאנ–טיי'–ני–אס דזשענ–ע–ריי'–שאן) דאס בעשאפען ווערען פון זיך אליין; דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאפען. ז. *abiogenesis*

sponta'neously *adv.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–לי) ספאנטאן, פון זיך זעלבסט. ז. *spontaneous*

sponta'neousness *n.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–נעס) ז. *spontaneity*

spook *n.* (ספוהק) א שד, א רוח. ז. *hobgoblin*

spoo'kish *a.* (ספוה'–קיש) ווי א שד, ווי א ניט=גוטער; פערכאפט פון ניט=גוטע.

spoo'ky *a.* (ספוה'–קי) ז. *spookish*

spool *n. and v.* (ספוהל) א שפולע, א שפולקע, א ראלקע, א קאטושקע; שפולען, אויפשפולען, אנדרעהען, ארויפוויקלען.

spool'-cot'ton *n.* (ספוהל'–קאט'ן) שפולעפאדים, נעה=פאדים [פאדים וואס איז אנגעדרעהט אויף א קאטושקע אדער שפולקע].

spoo'ler *n.* (ספוה'–לער) דער אדער דאס וואס וויקעלט אן פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-hol'der *n.* (ספוהל'–האול'–דער) א שטעקעלע אויף א נעה=מאשין, אויף וועלכען עס איז אנגעטהאן די קאטושקע אדער שפולקע.

spoo'ling-machine' *n.* (ספוה'–לינג–מע–שין') א מאשין אנצודרעהען פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-stand *n.* (ספוהל'–סטענד) ז. *spool-holder*

spoom *v.* (ספוהם) זעגלען אדער לאזען געהן די שיף שנעל פארוועטס.

spoon *n. and v.* (ספוהן) א לעפעל; עפעס וואס איז עהנליך צו א לעפעל [ווי געוויסע געצייג, אינסטרומענטען א. ד. ג.]; א שוטה, א תם; א נארישער פערליעבטער; אנשעפען אדער אננעהמען מיט א לעפעל; אין קראקעט=שפיעל — שארען דעם באל מיט'ן האמער אנשטאט צו שטויסען איהם; כאפען פיש מיט א לעפעלפערמיגער פארריכטונג, וואס איז צוגעבונדען צו דער ווענטקע; זיין נאריש פערליעבט; ליעגען צוזאמענגעלעגט ווי איין

לעפעל אין א צווייטע, ליגענ צוגעדריקט צו א צווייטענס רוקען.

spoon'bill *n.* (ספוהנ'-ביל) א מין פויגעל מיט א פלאטשיגען שנאבעל ווי א לעפעל.

Spoonbill

spoon'-billed *a.* (ספוהנ'-בילד) וואס האט א לעפעל־פערמיגען שנאבעל.

spoon'-drift *n.* (ספוהנ'-דריפט) דער שוים אדער די פיענע פון אויבען אויף די כוואליעס פון ים אין א שטארקען פלוצליכען שטורם.

spoo'ney *a. and n.* (ספוה'-ני) ז. *spoony*

spoon'-fash'ion *adv.* (ספוהנ'-פעש'-אן) אזוי ווי צונויפגעלעגטע לעפעל איינע אויף די אנדערע [מיט דעם פארענט פון איינעם אויף'ן רוקען פון אנדערען].

spoon'ful *n.* (ספוהנ'-פול) א פולער לעפעל, אזוי פיעל ווי א לעפעל קען ארייננעהמען.

spoo'nily *adv.* (ספוה'-ני-לי) אויף א נארישען שטייגער.

spoo'niness *n.* (ספוה'-ני-נעס) נאריש־קייט; דאס זיין נאריש פערליעבט.

spoon'-meat *n.* (ספוהנ'-מיעט) פליסיגע שפייז; שפייז פאר קינדער אדער קראנקע.

spoon'-saw *n.* (ספוהנ'-סאה) א לעפעל־פערמיגער אינסטרומענט מיט א געקערבטען ראנד, וואס ווערט בענוצט אין אפעראציאנען ביי פרויען־קראנקהייטען.

spoon'-shaped *a.* (ספוהנ'-שייפט) לעפעל־פערמיג.

spoon'-vict'uals *n.* (ספוהנ'-וויט'לז) ז. *spoon-meat*

spoon'wood *n.* (ספוהנ'-הוואוד) ז. *mountain-laurel*

spoo'ny *a. and n.* (ספוה'-ני) נאריש; סענטימענטאל [אין ליעבע]; א שוטה, א נאר; א סענטימענטאלער פערליעבטער.

spoor *n. and v.* (ספוהר) א שפור, א סליאד; נאכשפירען, נאכגעהן נאך'ן סליאד [פון א חיה].

spoor'er *n.* (ספוהר'-ער) איינער וואס שפירט נאך א חיה אין געיעג לויט דער שפור פון איהרע טריט.

spora'ceous *a.* (ספא-ריי'-שיאס) וואס איז שייך צו א ספארע. ז. *spore*

sporad'ic *a.* (ספא-רעד'-איק) ספאראדיש, איינצעלפעליג, צעוואָרפען, צוזייהט, צושטרייט, וואס קומט פאר אויסנאהמסווייזע אין איינצעלנע ערטער, ניט עפידעמיש.

sporad'ical *a.* (ספא-רעד'-אי-קעל) ז. *sporadic*

sporad'ically *adv.* (ספא-רעד'-אי-קעל-אי) אויף א ספאראדישען שטייגער; איינצעלעויז, פארקומענדיג אין איינצעלנע פעלע; פאנאנדערגעוואָרפען.

sporad'icalness *n.* (ספא-רעד'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ספאראדיש אדער איינצעלפעליג, דאס פארקומען אויסנאהמסווייזע אין איינצעלנע ערטער.

spo'ral *a.* (ספאו'-רעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו ספארען. ז. *spore*

sporange' *n.* (ספא-רענדזש') ז. *sporangium*

sporan'gia *n.* (ספא-רענ'-דזשי-א) ספאראנגיומס, ספארען־בייטלען. ז. *sporangium*

sporan'gium *n.* (ספא-רענ'-דזשי-אם) אין באטאניק — דאס ספאראנגיום אדער ספארען־בייטעל [א קליין זעקעלע, וואו עס געפינען זיך די ספארען אדער די מי־קראסקאפישע צעלען, פון וועלכע עס ענט־וויקלען זיך די קריפטאגאמישע פלאנצען]. ז. *Cryptogamia*

spora'tion *n.* (ספא-ריי'-שאן) ז. *sporulation*

spore *n.* (ספאור) אין באטאניק — א ספארע [אזא צעלע, פון וועלכער עס ענט־וויקעלט זיך א ניט־בליהענדע קריפטאגאַמישע פלאנצע. ז. *Cryptogamia*]; אין ביאלאגיע — א קליין ארגאניש קערנדעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א נייער מיקראסקאפישער ארגאניזם [ווי א באק־טעריע אדער באצילע]; א קליין מיקראס־קאפיש קערפערעל; א קערנדעל.

spore'-case *n.* (ספאור'-קיים) ז. *sporangium*

spore'-cell *n.* (ספאור'-סעל) אין באַ־טאניק — א ספארע. ז. *spore*

spore'-forma'tion *n.* (ספאור'-פאהר-מיי'-שאן) די אויסבילדונג פון ספארען. ז. *spore*

sporif'erous *a.* (ספא-ריפ'-ע-ראס) וואס ברייגגט אדער פראדוצירט ספארען. ז. *spore*

sporifica'tion *n.* (ספאו-רי-פי-קיי'-שאן) ז. *spore-formation*

sporipar'ity *n.* (ספאו-רי-פער'-אי-טי) רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*

spo'roderm *n.* (ספאו'-רא-דוירם) דאס אויבערשטע הייטעל פון א ספארע. ז. *spore*

spo'rogen *n.* (ספאו'-רא-דזשען) א פלאנצע וואס פראדוצירט ספארען אנ־שטאט זאמען. ז. *spore*

sporogen'esis *n.* (ספאו-רא-דזשענ'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון ספארען; רע־פראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*

sporog'ony *n.* (ספא-ראג'-א-ני) ז. *sporiparity*

spo'roid *a.* (ספאו'-ראיד) עהנליך צו א ספארע.

spor'ran *n.* (ספאר'-ען) דער לעדערנער פון פארענט־הענגענדער בייטעל, וואס דיענט אלס טייל פון שאטלענדישען נא־ציאנאלען קאסטיום.

sport *n. and v.* (ספאורט) א ספארט, א שפיעל, צייט־פערטרייב אדער וועט־קאמפף אונטער'ן פרייען הימעל [ווי יאגד, פיש־פאנג, וועט־לויף א. ד. ג.]; פערגניגען, לוסטיגקייט, בעלוסטיגונג; שפאס, קאטא־וועס; איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט; א פראנט; אן אזארטנער שפיעלער; א שווינדלער; אין ביאלאגיע — א חיה אדער פלאנצע, וואס אונטערשיידעט זיך שארף פון דעם נארמאלען טיפ, צו וועל־כען זי בעלאנגט; שפיעלען, זיך בעלוס־טיגען; פארשטעלען; זיך ארויסשטעלען פאר א כוואט; שפאסען, טרייבען קאטא־ווען; זיך שטארק אונטערשיידען פון דעם נארמאלען טיפ [וועגען א חיה אדער פלאנ־צע].

sportabil'ity *n.* (ספאור-טע-ביל'-אי-טי) די נייגונג צו צייט־פערטרייב; לוס־טיגקייט.

spor'table *a.* (ספאור'-טעבל) וואס איז גענייגט צו צייט־פערטרייב; לוסטיג.

sport'ful *a.* (ספאורט'-פול) שפיעלעריש, לוסטיג, שפאסהאפט.

sport'fully *adv.* (ספאורט'-פול-אי) שפיעלענדיג; לוסטיג; מיט שפאס.

sport'fulness *n.* (ספאורט'-פול-נעס) שפיעלענדע לוסטיגקייט, שפאסהאפטיגקייט.

spor'ting *n. and a.* (ספאור'-טינג) דאס אבגעבען זיך מיט ספארט; אין ביאלא־גיע — דאס פלוצליכע ערשיינען פון בע־זונדערע אייגענשאפטען ביי א חיה אדער פלאנצע; וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'ting-book *n.* (ספאור'-טינג-בוק) א בוך וואו מען פערשרייבט דאס וועטען זיך אין פערשיעדענע שפיעלען און ספארט.

spor'ting-dog *n.* (ספאור'-טינג-דאג) א יאגד־הונד.

spor'ting-house *n.* (ספאור'-טינג-האוס) א הויז, וואו ספארטס־לייט קלייבען זיך צונויף.

spor'tingly *adv.* (ספאור'-טינג-לי) אויף א שפיעלערישען, שפאסהאפטען שטייגער.

spor'ting man (ספאור'-טינג מען) א ספארטסמאן, איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'tive *a.* (ספאור'-טיוו) וואס איז שייך צו ספארט אדער צייט־פערטרייב; שפיעלעריש, שפאסהאפט; אין ביאלאגיע — וואס האט א נייגונג אבצוטרעטען פון נאר־מאלען טיפ.

spor'tively *adv.* (ספאור'-טיוו-לי) אויף א שפיעלערישען אדער שפאסהאפטען שטיי־גער.

spor'tiveness *n.* (ספאור'-טיוו-נעס) ז. *sportfulness*

sport'less *a.* (ספאורט'-לעס) פרייד־לאז, טרויעריג.

sport one's door (ספאורט הוואנז דאור) זיין "ניט אין דער היים" פאר געסט [ניט וועלען אויפנעהמען געסט, אי־בערגעבענדיג, אז מען איז ניטא אין דער היים].

sport one's oak (ספאורט הוואנז אוק) ז. *sport one's door*

sports'man *n.* (ספאורטס'-מען) א ספארטסמאן, א פערגניגען־זוכער, א ליעב־האבער פון גימנאסטיק, פון פישען, פון יאגד, פון וועט־לויף אויף פערד א. ד. ג.

sports'manlike *a.* (ספאורטס'-מען-לאיק) ווי א ספארטסמאן, מעשה ספארטס־מאן. ז. *sportsman*

sports'manly *a.* (ספאורטס'-מען-לי) ז. *sportsmanlike*

sports'manship *n.* (ספאורטס'-מען-שיפ) דאס האבען א ידיעה אין פערשיע־דענע ספארט.

sports'woman *n.* (ספאורטס'-הוואומ-ען) א פרוי וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

sporula'tion *n.* (ספאר-או-ליי'-שאן) אין ביאלאגיע — אן ארט רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג, וואו אין דעם קער־פער פון געוויסע פלאנצען אדער חיה'לעך בילדען זיך אויס ספארען, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך נייע ארגאניזמען.

spor'ule *n.* (ספאר'-אול) א קליינע ספא־רע; א ספארע. ז. *spore*

sporulif'erous *a.* (ספאר-או-ליפ׳-ע-ראס) וואס טראגט אין זיך ספארען. ז. *spore*

spot *n. and v.* (ספאט) א פלאץ, אן ארט; א שטיקעל ארט וואס איז פערשיעדען אין קאליר פון דער אומגעגענד; א פלעק, א פליאמע; א שאנד־פלעק; א חסרון; א געבארענער צייכען אויף׳ן קערפער; דער פלעק־פיש [אזא פיש ארום דעם אמעריקאנישען ברעג פון אטלאנטישען אקעאן]; פלעקען, בעפלעקען, מאכען פליאמעס; בעשמוצען; ארויפווארפען א חשד; כאפען מיט׳ן אויג; אויסזוכען.

spot'-ball *n.* (ספאט׳-באהל) אין ביליארד־שפיעל — דער באל וואס ווערט געשטעלט אויף׳ן פלעק אדער צייכען אויף׳ן טיש; איינער פון די צוויי ווייסע באלען, וועלכע האבען אויף זיך א שווארצען פלעק.

spot'less *a.* (ספאט׳-לעס) אהן פלעקען, אונבעפלעקט, ריין.

spot'lessly *adv.* (ספאט׳-לעס-לי) אויף אן אונבעפלעקטען, ריינעם שטייגער.

spot'lessness *n.* (ספאט׳-לעס-נעס) אונבעפלעקטקייט, ריינקייט.

spot of ground (ספאט אוו גראונד) א שטיק לאנד.

spot'ted *a.* (ספאט׳-עד) בעפלעקט, פול מיט פלעקען; בעשפרענקעלט.

spot'ted fe'ver (ספאט׳-עד פי׳-ווער) טיפוס; מענינגיטיס [ז. *meningitis*].

spot'ter *n.* (ספאט׳-ער) א נאכשפירער, א נאכקוקער, א שפיאן; א פריוואט־שפיאן נאכצוזעהן די קאנדוקטארען אויף א שטאדט־אייזענבאהן; א נאכקוקער אויף א קריעגס־שיף, וועלכער זעהט ווי ווייט עס פליהען די אויסגעשאסענע קוילען; איינער וועלכער קאלירט פאטאגראפישע בילדער; אזא שפרונג וואו דער שפרינגער קוליעט זיך איבער אין דער לופטען און שטעלט זיך מיט די פיס אויף דעמזעלביגען פלאץ.

spot'tiness *n.* (ספאט׳-אי-נעס) פלעקיגקייט, דאס זיין מיט פלעקען.

spot'ty *a.* (ספאט׳-אי) פלעקיג, בעדעקט מיט פלעקען; וואס טרעפט זיך ערטערווייז אדער צייטענווייז; ניט רעגולער; ניט איבעראיינשטימיג; אונהארמאניש.

spou'sal *a. and n.* (ספאו׳-זעל) האכצייטליך, וואס געהערט צו פערהייראטונג; פערהייראטונג, די האכצייט, די חתונה.

spouse *n.* (ספאוז) א פערהייראטע פערזאן, א מאן אדער א פרוי.

spoused *a.* (ספאוזד) פערהייראט.

spouse'less *a.* (ספאוז׳-לעס) אונפערהייראט; אהן א מאן אדער אהן א ווייב.

spout *v. and n.* (ספאוט) שפריצען [ווי פון א פאנטאן], אויסשפריצען; אויסגיסען [ווי פון א נעזעל אדער קישקע]; שיסען מיט קנאקעדיגע פראזען, ריידען באמבאסטיש, דעקלאמאטאריש; פערזעצען, פער־משכונ׳ען; מאכען א רינג [צו א דאך]; א רינג, א דאך־רינע, א רעהר; א וואסער־קישקע; א וואסער־שפריץ; א נעזעל, א שנויץ [פון א כלי]; די נאזלעכער פון א וואלפיש [פון וועלכע ער שפריצט ארויס מיט א שטראם וואסער].

spou'ter *n.* (ספאו׳-טער) עמיצער וואס שפריצט פון זיך מיט קראפט; איינער וואס שיסט מיט קלינגענדע פראזען; א באמבאסטישער רעדנער; א געניטער וואלפיש־פאנגער.

spout'-fish *n.* (ספאוט׳-פיש) א מאלוסק וואס שפריצט וואסער פון זיין מושעל.

spout'-hole *n.* (ספאוט׳-האול) דאס נעזלעכעל אדער שנויץ פון א כלי, דורך וועלכען עס שפריצט אדער גיסט זיך דאס וואסער; די נאזלעכער פון א וואלפיש, דורך וועלכע ער לאזט ארויס ווי א פאנטאן דאס וואסער.

spout'less *a.* (ספאוט׳-לעס) אהן א נעזעל אדער שנויץ ארויסצושפריצען דאס וואסער; אהן א גיס־רעהר.

spout out (ספאוט אוט) ארויסשפריצען.

spout'-shell *n.* (ספאוט׳-שעל) אזא מושעל.

sprain *v. and n.* (ספריין) צופיעל פאנאנדערציהען די מוסקולען פון א געלענק, פערשאפענדיג אין איהם א וועהטאג; א פאנאנדערציהונג פון די געלענק־מוסקולען; דער וועהטאג פון אזא פאנאנדערציהונג.

sprang (ספרענג) געשפרונגען א. ז. וו. ז. *spring*

sprat *n. and v.* (ספרעט) די שפראטע [אזא הערינגעל עהנליך צו א סארדין]; א קליינע מטבע; פאנגען שפראטען.

Sprat

sprat'-day *n.* (ספרעט׳-דיי) דער 9טער נאוועמבער [אזוי רופט זיך דיעזער טאג אין לאנדאן, ווייל דאס איז דער ערשטער טאג פון סעזאן ווען מען פערקויפט שפראטען]. ז. *sprat*

sprawl *v. and n.* (ספראהל) 1. ליגען אויסגעשטרעקט; קריכען, פויזען ווי א ווארים; קראבלען, ווארפען מיט די גליעדער, זיך ווארפען קאנוואולסיוו; זיך צאפלען; 2. זיין געשלענגעלט, געצוקט [וועגען א האנדשריפט]; 3. א געצוקטע האנדשריפט.
1. The children sprawl on the floor. 3. His handwriting is full of sprawls.

spray *n. and v.* (ספריי) א צווייגעל; אן ארויסשפראצונג; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; שפריץ־וואסער; וואסער־שטויב; שפריצען; פאלען אין טראפענס.

spray'-cart *n.* (ספריי׳-קארט) אזא וועגעל מיט א פליסיגקייט צו בעשפריצען פלאנצען און גרינסען, כדי צו טויטען שעדליכע אינזעקטען.

spray'-cure *n.* (ספריי׳-קיור) דאס היילען א קראנקהייט דורך א וואסער־שפריץ.

spray'er *n.* (ספריי׳-ער) א שפריצער; א שפריץ־מאשין.

spray'er-pump *n.* (ספריי׳-ער-פאמפ) אזא פומפ, וועלכען מען טראגט אויף דער פלייצע און וואס דיענט צו בעשפריצען פלאנצען.

spray'ey *a.* (ספריי׳-אי) צווייגיג; מיט צווייגען; וואס בעשטעהט פון וואסער־שטויב.

spray'ing-machine' *n.* (ספריי׳-אינג-מע-שין׳) ז. *sprayer*

spray'-in'strument *n.* (ספריי׳-אינ׳-סטרו-מענט) א צושטויבונגס־אפאראט. ז. *atomizer*

spread *v., a. and n.* (ספרעד) אויסברייטען, שפרייטען; איבערשפרייטען, בעדעקען; דעקען [דעם טיש], פערשפרייטען [א טישטוך]; פערברייטען; זיך אויסברייטען; זיך אנטוויקלען; זיך פערברייטען; אויסגעברייטעט, פערשפרייט; אויבערפלעכליך, מעהר ברייט איידער טיעף אין שייך אדער גלאנץ [וועגען אן עדעלשטיין]; די אויסברייטונג, די פערברייטונג; די אנטוויקלונג; א דעקטוך; א טישטוך.

spread'-ea'gle *a.* (ספרעד׳-איע׳גל) 1. וואס האט די פארם פון אן אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען; 2. באמבאסטיש, בערימעריש, פראהלעריש.
2. On the Fourth of July orators make spread-eagle speeches.

spread ea'gle (ספרעד איעגל) אן אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען [די עמבלעם פון די פערייניגטע שטאאטען]; אין די אמאליגע צייטען אויף א שיף — א פארם פון בעשטראפען א מאטראז, וואו מען פלעגט איהם צובינדען מיט פאנאנדערגעשפרייטע הענד און פיס און שמייסען איהם; אויף דער בערזע — אן ארט שפעקולאציאן מיט ווערטה־פאפיערען.

spread'-ea'gleism *n.* (ספרעד׳-איע׳גל-איזם) דאס זיין באמבאסטיש אין ריידען; דאס ארויסווייזען זיך פאר א גרויסען פאטריאט. ז. *spread-eagle*

spread'er *n.* (ספרעד׳-ער) אן אויסברייטער, א פערברייטער; א שפריצער.

spread'ing-fur'nace *n.* (ספרעד׳-אינג-פויר׳-נעס) אין גלאז־פאבריקאציאן — אזא אויווען אין וועלכען די אויסגעבלאזענע און נאכהער געשפאלטענע גלאז־צילינדערס ווערען אויסגעצויגען אין פלאכע פלאטען.

spread'ingly *adv.* (ספרעד׳-אינג-לי) אויף אן אויסגעשפרייטען שטייגער.

spread'ing-ov'en *n.* (ספרעד׳-אינג-אוו׳ן) ז. *spreading-furnace*

spread'ing-plate *n.* (ספרעד׳-אינג-פלייט) אין גלאז־פאבריקאציאן — א גלאטעס ברעט אויף וועלכען מען לעגט ארויף א געשפאלטענעם גלאז־צילינדער אויסצוציהען אין א פלאכער פלאטע.

spread one's self (ספרעד וואנז סעלף) זיך שטארק אנשטרענגען צו דערגרייכען עפעס.

spread the cloth (ספרעד טהי קלאהטה) גרייטען צום טיש.

spread the ta'ble (ספרעד טהי טייבל) גרייטען צום טיש.

spree *n. and v.* (ספריע) א הוליאנקע, א יום־טוב; א טרינק־הוליאנקע; הוליען; געהן אויף א הוליאנקע.

sprig *n. and v.* (ספריג) א שטענגעלע; א צווייגעלע; אן ארויסשפראצונג; א נאכקומענשאפט, א קינד; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; א קליינער נאגעל אהן א קעפעל; א קליינער קלין; בעציערען מיט צווייגלעך; מאכען אין דער פארם פון א צווייגעל; אריינשלאגען א קלין.

sprig'gy *a.* (ספריג׳-אי) מיט שטענגעלעך; מיט צווייגעלעך.

spright'liness *n.* (ספראיט׳-לי-נעס) לעבהאפטיגקייט, לוסטיגקייט; לעבעדיגקייט; אקטיוויטעט.

spright'ly *a.* (ספראיט׳-לי) לעבהאפט, לוסטיג, מונטער.

spring *v., n. and a.* (ספרינג) 1. שפרינגען, אריבערשפרינגען; 2. א שפרונג טהאן, זיך א יאג טהאן, א פליה טהאן, א שטראם טהאן; 3. א טרייב טהאן, א יאג טהאן, צווינגען א שפרונג צו טהאן אדער צו נעהמען שנעל לויפען; 4. פלוצלונג אויסברייטען; 5. זיך אויפכאפען, זיך דערשרעקען, זיך א הויב טהאן פאר שרעק; איבערשרעקען און ארויסטרייבען פון בעהעלטעניש [ווי געיעג־חיות אדער פויגלען]; 6. צושפאלטען; צושפאלטען ווערען; 7. ארויסקומען, ארויסשפראצען, אבשטאמען; 8. זיך ערהויבען; 9. עטוואס אויסבויגען, זיך עטוואס אויסבויגען;

10. שטארק רוֹדערען [אזוי אז דאס שיפעל זאל שפרינגען]; 11. בעשפרענקלען, בעשפריצען; 12. עקספלאדירען, אויפרייסען; 13. אויפהויבען [עפעס אויף א שיף] מיט דער הילף פון פרוזשינעס אדער קייטען; 14. א שפרונג; אן אבשפרינגונג; דאס אננעהמען די פריהעריגע פארם [דורך דער קראפט פון עלאסטיציטעט]; 15. אן אנפאנג; די ערשטע ערשיינונג; א געבורט; די ענטשטעהונג; 16. פריהלינג; 17 אן ארויסשפראצונג; 18. א קוואל; 19. עטוואס עלאסטישעס; אן עלאסטישער קערפער; אן עלאסטישער קערפער=טייל ביי אינזעקטען מיט דער הילף פון וועלכען זיי קענען א שפרונג טהאן אין דער הויך; עלאסטיציטעט, שפרונג=פעהיגקייט; 20. א שפרינג=פעדער, א פרוזשינע אדער ספרוזשינע [ז. איל]; 21. א בעוועגונגס=אורזאכע; עטוואס וואס רופט ארויס א בעוועגונג, געפיהל א. ז. וו.; 22. א שפאלט [אין א מאסט, צווישען די ברעטער פון א שיף א. ז. וו.]; 23. וואס איז שייך צו פריהלינג, וואס פאסט פאר פריהלינג, וואס קומט פאר אין פריהלינג.

2. A sudden light **sprang** through the shutters. 3. Badly frightened, we **sprang** the horses. 4. I may **spring** a new project. 5. The hunter **sprang** the birds out of the bushes. 8. Up from the midst of the trees **springs** the church cross. 12. We **sprang** a rich mine. 18. Love is the **spring** of all the good in the world. 21. Self-love is the **spring** of all his actions.

Springs

spring a leak (ספרינג ע ליעק) בעקומען א שפאלט אדער לאך, אנהויבען רינען; מאכען א שפאלט אדער לאך.
We are afraid that the pipe will **spring** a leak.

spring′-back *n.* (ספרינג′-בעק) אן אונטער=רוקען פון א בוך, וועלכער בויגט זיך אב, ווען מען עפענט דאס בוך.

spring′-bal′ance *n.* (ספרינג′-בעל′-ענס) א פרוזשינע=בעזמען.

spring′-beau′ty *n.* (ספרינג′-ביו′-טי) די פריהלינג=שעהנהייט [אזא אמעריקאנישע ווילדע בלום; אזא שעהנעס אמעריקאנישעס זומער=פויגעלע].

spring′-bed *n.* (ספרינג′-בעד) א מאטראץ פון שפרינג=פעדערען אדער פרוזשינעס; א בעט מיט אזא מאטראץ; אן עלאסטישע פלאטע אין א מאשין צום ארומשערען די בארווע [ווארסע] פון געוואנד.

spring′-bee′tle *n.* (ספרינג′-ביע′טל) א שנעל=קעפער, א שפרינג=זשוק [אזא אמעריקאנישער זשוק]. ז. ***elater***.

spring′-board *n.* (ספרינג′-באורד) א שפרונג=ברעט [צום שפרינגען פאר קונצען=מאכער].

spring′bok *n.* (ספרינג′-באק) א שפרינג=באק [אזא זעהר ריהרעוודיגע זיד=אפריקאנישע גאזעלע אדער קליינע אנטילאפע]. ז. ***gazelle***.

spring′-box *n.* (ספרינג′-באקס) דאס קעסטעלע אין וועלכען עס ליעגט די שפרינג=פעדער אדער פרוזשינע פון א זייגער; א קעסטעל, א פושקעלע א. ז. וו. וואס עפענט זיך און פערמאכט זיך מיט דער הילף פון א פרוזשינע; די ראהם פון א מאטראץ, זאפא א. ז. וו., אין וועלכער עס געפינען זיך די פרוזשינעס.

spring′-buck *n.* (ספרינג′-באק) ז. ***springbok***.

spring′-car′riage *n.* (ספרינג′-קער′-אידזש) א וועגעל אויף רעסארען [פרוזשינעס].

spring′-cart *n.* (ספרינג′-קארט) ז. ***spring-carriage***.

spring chick′en (ספרינג טשיק′-ען) א יונג היהנדעל.

springe *n. and v.* (ספרינדזש) א פויגעל=נעץ, א שלייף אדער פעטליע צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות; כאפען אין א פויגעל=נעץ, כאפען מיט א שלייף=פאסטקע.

spring′er *n.* (ספרינג′-ער) א שפרינגער; איינער וואס שרעקט איבער און טרייבט ארויס [געיעג=חיות אדער געיעג=פויגלען]; איינער וואס ברייגנט עפעס פלוצלונג ארויס; אן ארויסשפראצונג; אן עקספלאדירער; איינער וואס צושפאלט; איינער וואס בויגט אויס; אזא קליינער יאגד=הונד [וואס טרייבט ארויס די געיעג=חיות אדער פויגלען פון בעהעלטעניש]; א שפרינג=באק [אזא קליינע ריהרעוודיגע אפריקאנישע אנטילאפע]; דער בוטס=קאפ אדער שווערד=וואלפיש [ז. ***grampus***]; דער אנפאנג=שטיין פון א געוועלב.

spring′er an′telope (ספרינג′-ער ענ′-טי-לאופ) דער שפרינג=באק. ז. ***springbok***.

spring′-flood *n.* (ספרינג′-פלאד) שפראצונגס=צייט, פריהלינגס=צייט, פריהלינג.

spring′-fly *n.* (ספרינג′-פלאי) דאס וואסער=מאטען=פליגעלע. ז. ***caddis-fly***.

spring′-gun *n.* (ספרינג′-גאן) א ביקס, וואס איהר שלאס איז פערבונדען מיט א דראט און שיסט אויס, ווען מען טרעט אן אויף′ן דראט [ווערט געברויכט אין פאסטקעס אויף ווילדע חיות].

spring′-halt *n.* (ספרינג′-האלט) דער העהנער=טריט [אזא קאנוואולסיווע בעוועגונג פון די הינטערשטע פיס פון א פערד].

spring′-head *n.* (ספרינג′-העד) א קוואל, אן אורקוואל; א פעראייניגונג פון א וואגען=רעסארע [פרוזשינע].

spring′-hook *n.* (ספרינג′-הוק) א פרוזשינע=האקען [ביי א טהיר, אויף א ווענטקע א. ז. וו.].

spring′-house *n.* (ספרינג′-האוס) א געביידע איבער א וואסער צו האלטען פריש פערשיעדענע שפייזען.

spring′iness *n.* (ספרינג′-אי-נעס) עלאסטיציטעט; דאס זיין ווי א פרוזשינע; דאס זיין איבערפילט מיט קוואלען.

spring′ing *n. and a.* (ספרינג′-אינג) דאס שפרינגען; דאס ארויסקומען, דאס ארויסשפראצען; אן ארויסשפראצונג; א וואוקס, א וואקסונג; דער אנפאנגס=פונקט פון א געוועלב; וואס קען ארויסקומען; מעגליך; ארויסקומענד, ארויסשפראצענד.

spring′ing-bee′tle *n.* (ספרינג′-אינג-ביע′טל) ז. ***spring-beetle***.

spring′ing-line *n.* (ספרינג′-אינג-לאין) די ליניע, ביי וועלכער עס הויבט זיך אן א געוועלב.

spring′ing-time *n.* (ספרינג′-אינג-טאים) שפראצונגס=צייט; פריהלינג.

spring′le *n.* (ספרינגל) א פויגעל=נעץ, א שלייף צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות.

spring′less *a.* (ספרינג′-לעס) וואס האט ניט קיין קוואל אדער קוואלען; וואס האט ניט קיין פרוזשינעס.

spring′let *n.* (ספרינג′-לעט) א קוואלכעל; א קליינער וואסער=שטראם.

spring′like *a.* (ספרינג′-לאיק) וואס איז עהנליך אדער שייך צו פריהלינג.

spring′-lock *n.* (ספרינג′-לאק) א טהיר=שלאס וואס פערמאכט זיך אויטאמאטיש דורך א פרוזשינע.

spring′-mat′tress *n.* (ספרינג′-מעט′-רעס) א שפרינג=פעדער מאטראץ, א מאטראץ אויף פרוזשינעס.

spring′tail *n.* (ספרינג′-טייל) דער שפרינג=עק [אזא אינזעקט וואס שפרינגט מיט דער הילף פון אן ארויסשטארצונג אין הינטער=טייל פון קערפער].

spring′tide *n.* (ספרינג′-טאיד) פריהלינגס=צייט, פריהלינג.

spring′-tide *n.* (ספרינג′-טאיד) די שטארקע וואסער=פלוט אין ים אין צייט פון ניי=חודש און גאנץ=חודש [ביי דער געבורט פון דער לבנה און ביי א פולער לבנה]; א גרויסער צופלוס.

spring′time *n.* (ספרינג′-טאים) פריהלינגסצייט, פריהלינג.

spring′-trap *n.* (ספרינג′-טרעפ) א פאסטקע מיט א פרוזשינע [ווי די מיט וועלכער מען כאפט מייז].

spring′-wag′on *n.* (ספרינג′-הוועג′-אן) א וואגען אויף רעסארען [פרוזשינעס].

spring′-wa′ter *n.* (ספרינג′-הוואה′-טער) קוואל=וואסער.

spring′-worm *n.* (ספרינג′-הוואירם) ז. ***pinworm***.

spring′y *a.* (ספרינג′-אי) עלאסטיש, וואס שפרינגט אב; רייך אין קוואלען וואסער; פייכט [וועגען לאנד].

sprink′-buck *n.* (ספרינק′-באק) ז. ***springbok***.

sprin′kle *v. and n.* (ספרינקל) שפריצען, איינשפריצען, בעשפריצען; שפרענקלען, בעשפרענקלען; דורכשפרענקלען; דורכזעען, דורכווארפען; דראבנע טריפען [ווי א רעגען]; שפריצונג, שפרענקלונג, טריפונג אין דראבנע טראפען; עטוואס וואס ווערט געשפריצט אדער געשפרענקעלט; א שפריי=רעגען; א מארגען=שטערען [אזא מיטעראלטערליכע וואפע. ז. ***morning-star***].

sprin′kled *a.* (ספרינקלד) בעשפרענקעלט, ווי בעשפריצט, בעדעקט מיט שפריצעלעך אדער מיט קלייניגקע פונקטען.

sprin′kler *n.* (ספרינ′-קלער) א בעשפריצער, א בעשפרענקלער; איינער וואס ווארפט דורך אדער זעעט דורך; א שפריצער; א בארשט צום שפריצען הייליגעם וואסער [ביי די קריסטען]; א מארגען=שטערען [אזא מיטעלאלטערליכע וואפע. ז. ***morning-star***].

sprin′kler sys′tem (ספרינ′-קלער סיס′-טעם) א סיסטעם פון וואסער=רעהרען אין געביידעס, וואס עפענען זיך אויטאמאטיש און נעהמען שפריצען מיט וואסער, ווען א געוויסער פלאץ ווערט צו שטארק אנגעהיצט.

sprin′kling *n.* (ספרינ′-קלינג) שפרענקלונג; בעשפרענקלונג; שפריצונג; דאס וואס ווארפט זיך דורך אדער זעעט זיך דורך.

sprint *v. and n.* (ספרינט) שנעל לויפען אין א קורצען וועט=לויף [פון מענשען]; דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט=לויף; א קורצער וועט=לויף, ביי וועלכען מענשען לויפען מיט דער גאנצער קראפט.

sprin'ter *n.* (ספרינ'-טער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprin'ting *n.* (ספרינ'-טינג) דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprit *n.* (ספריט) דאס שפריעט [א שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון א זעגעל]; א בוגשפריעט [א שטאנג אויף דעם פאדער-טייל פון א שיף. ז. *bowsprit*].

sprite *n.* (ספראיט) א גייסט, א שאטען; אן עלף, א פעיע [ז. *fairy*].

sprite'liness *n.* (ספראיט'-לי-נעס) ז. *sprightliness*.

sprite'ly *adv.* (ספראיט'-לי) ז. *sprightly*.

sprit'sail *n.* (ספריט'-סייל) א זעגעל, וואס ווערט אנגעצויגען דורך א שפריעט [אזא שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון זעגעל].

sprock'et *n.* (ספראק'-עט) איינער פון די שטיפטען אדער פלעקלעך אין דעם ראנד פון א ראד אויף וועלכען עס דרעהט זיך א קייט. ז. איל. *sprocket-wheel*.

sprock'et-wheel *n.* (ספראק'-עט-הוויעל) א ראד מיט שטיפטען אדער פלעקלעך אין ראנד אויף וועלכע עס טהוען זיך אן די רינגען פון א קייט, וועלכע דרעהט זיך איבער איהם.

Sprocket-wheel

sprout *v. and n.* (ספראוט) שפראצען, ארויסשפראצען, ארויסלאזען שפראצונגען; זיך פאנאנדערצווייגען; א שפראצלינג, אן אויסשפראצונג.

sprou'ted *a.* (ספראו'-טעד) בעדעקט מיט קנאספען אדער מיט ארויסגעשפראצטע צווייגלעך.

stead'fast *a.* (סטעד'-פעסט) פעסט, שטאנדהאפט; ענטשלאסען; ניט נאכגיעביג.

I relied on my steadfast friends but I was disappointed.

stead'fastly *adv.* (סטעד'-פעסט-לי) אויף א פעסטען, שטאנדהאפטען אדער בעשטעהענדען שטייגער.

stead'fastness *n.* (סטעד'-פעסט-נעס) פעסטקייט, שטאנדהאפטיגקייט, ענטשלאסענהייט.

stead'ier *n.* (סטעד'-אי-ער) אז אונטער= שטיצער, אן אונטערהאלטער; איינער אדער עפעס וואס דיענט צום אונטערשטיצען אדער אונטערהאלטען.

He uses his cane as a steadier.

stead'ily *adv.* (סטעד'-אי-לי) פעסט, ענטשלאסען, גלייכמעסיג, בעשטענדיג, סאליד, געזעצט.

stead'iness *n.* (סטעד'-אי-נעס) שטאנד= האפטיגקייט, פעסטקייט; זיכערהייט, ענטשלאסענהייט, בעראכטקייט; בעשטענדיגקייט.

stead'y *a. and v.* (סטעד'-אי) פעסט; ענטשלאסען; גלייכמעסיג; געזעצט, פלייסיג; פעסט מאכען, בעפעסטיגען; מאכען סאליד, געזעצט; זיכער ווערען; זיך גלייכמעסיג בעוועגען.

stead'y-go'ing *a.* (סטעד'-אי-גאו'-אינג) געזעצט, אויסגעהאלטען; וואס געהט מיט רעגעלמעסיגע טריט אין איין ריכטונג, צו איין צוועק.

He is a steady-going fellow.

steak *n.* (סטייק) א ביפשטעקס, אן אב= געשניטענעם שטיקעל פלייש צום בראטען.

steak'-maul *n.* (סטייק'-מאהל) אזא הילצערנער האמער צו צוקלאפען א ביפ= שטעקס, כדי צו מאכען איהם ווייכער.



Steak-maul

steak'-pan *n.* (סטייק'-פען) א סקאוואר= ראדע צו בראטען ביפשטעקס.

steal *v. and n.* (סטיעל) גנב'ענען; צו= נעהמען עפעס אהן רעכט און אהן יענעמס וויסען; בעגנבהן א ליטעראַרישע גנבה, מאכען א פלאגיאט [ארויסגעבען איינעמס ווערק אלס זיין אייגענעס]; בעקומען עפעס אויף אן אונעהרליכען וועג; אריינ= כאפען א פרעמדע זאך; טהאן עפעס בגנבה; עפעס בעוועגען אדער דורכגעהן בשתיקה אדער בעהאלטענערהייד; בע= געהן א גנבה, טהאן א גנב'ישע טהאט; א גנבה, א גנב'ישע טהאט.

steal a glance (סטיעל ע גלענס) כא= פען א קוק; ווארפען א בעהאלטענעם קוק.

He stole a glance at her.

steal along' (סטיעל ע-לאהנג') געהן בע= האלטענערהייד, זיך דורכ'גנב'ענען.

steal a march (סטיעל ע מארטש) מאר= שירען אין געהיים; איבעריאגען אדער גובר זיין דעם געגנער דורך גע'גנב'עטע טריט.

steal a mar'riage (סטיעל ע מער'-אידזש) חתונה האבען שטילערהייד.

steal away' (סטיעל ע-הוויי') אוועק= גנב'ענען עפעס; זיך ארוים'גנב'ענען, פער= שווינדען אונבעמערקט.

stea'ler *n.* (סטיע'-לער) א גנב.

steal in (סטיעל אין) זיך אריינ'גנב'ענען.

stea'ling *n.* (סטיע'-לינג) דאס גנב'ענען, גנבה; א גע'גנב'עטע זאך.

stea'lingly *adv.* (סטיע'-לינג-לי) בגנבה, שטילערהייד, אונבעמערקט.

stea'lings *n.* (סטיע'-לינגז) גע'גנב'עטע זאכען; לאטכעריי, געלאטכעטע קליינ= קייטען.

steal in'to one's fa'vor (סטיעל אינ'-טו הוואנז פיי'-וואר) זיך איינקויפען ביי איינעם אין לאסקע.

stealth *n.* (סטעלטה) מיטלען וואס ווערען געברויכט אין געהיים צו דערגרייכען עפעס.

steal'thily *adv.* (סטעל'-טהי-לי) בגנבה, אין געהיים, ניט=בעמערקט.

steal'thy *a.* (סטעל'-טהי) גנב'יש, כיטרע; וואס ברויכט געהיימע מעטאדען.

steam *n. and v.* (סטיעם) דאמפף, פא= רע; וואסער=דאמפף; אויסדאמפפונג; קראפט, ענערגיע; ארויסלאזען דאמפף; אויסדאמפפען; בעוועגען זיך מיט דער קראפט פון דאמפף [ווי א דאמפף=שיף]; אויספארען.

steam'-blow'er *n.* (סטיעמ'-בלאו'-ער) א ווענטילאטאר וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף=קראפט; א פאררריכטונג צו בלאזען דאמפף אין א קוימען אום צו פער= גרעסערען זיין צוג=קראפט.

steam'boat *n.* (סטיעמ'-באוט) א דאמפף= שיף.

steam'boating *n.* (סטיעמ'-באו-טינג) דאס טרייבען דאמפף=שיפען; דאס איי= לען זעהר צו דער ארבייט; א מעטאדע אויסצושניידען פיעל טאוולען פאר בי= כער מיט איין מאל אנשטאט אויסצושניי= דען זיי איינציגווייז.

steam'-boil'er *n.* (סטיעמ'-באיל'-ער) א דאמפף=קעסעל.

steam'-box *n.* (סטיעמ'-באקס) דער דאמפף=קאסטען אדער דער דאמפף=קאמער פון א דאמפף=קעסעל [דער דאמפף=רעזער= וואואר ביי א דאמפף=קעסעל פון וועלכען דער דאמפף געהט אריין אין צילינדער פון דער דאמפף=מאשין]; א קאסטען אין וועלכען זאכען ווערען געדאמפפט.

steam'-brake *n.* (סטיעמ'-ברייק) א דאמפף=ברעמזע [א טארמאז אדער ברעמ= זע צו פערהאלטען די רעדער פון א לא= קאמאטיוו. די ברעמזע איז פערבונדען מיט דעם קאלבען פון דאמפף=צילינדער און ווערט געבראכט אין פונקציאן דורך דער דאמפף=קראפט].

steam'-car *n.* (סטיעמ'-קאר) א וואגאן וואס ווערט געטריבען דורך דאמפף= קראפט; אן אייזענבאהן=וואגאן.

steam'-car'riage *n.* (סטיעמ'-קער'-אידזש) א דאמפף=וואגען [א וואגען, וואס ווערט געטריבען דורך דאמפף=קראפט].

steam'-case *n.* (סטיעמ'-קיים) ז. *steam-chest*.

steam'-cham'ber *n.* (סטיעמ'-טשיימ'-בער) א דאמפף=קאמער [א קאמער אדער קאסטען אין וועלכען זאכען ווערען גע= דאמפפט]; דער דאמפף=קאסטען אדער דאמפף=קאמער ביי א דאמפף=קעסעל פון וועלכען דער דאמפף געהט אין צילינדער פון א דאמפף=מאשין; דער דאמפף=רוים פון א דאמפף=קעסעל.

steam'-chest *n.* (סטיעמ'-טשעסט) דער דאמפף=קאמער פון א דאמפף=קעסעל [דער רעזערוואואר אדער קאסטען ביי א דאמפף= קעסעל פון וועלכען עס ווערט ארייגגעלא= זען דער דאמפף אין צילינדער פון א דאמפף=מאשין].

steam'-chim'ney *n.* (סטיעמ'-טשימ'-ני) א דאמפף=קוימען [אזא רונדער קא= מער ארום דעם קוימען פון א דאמפף= קעסעל צום איבערהיצען דעם דאמפף].

steam'-coil *n.* (סטיעמ'-קאיל) א גע= שלענגעלטער אדער ספיראל=פערמיגער רעהר דורך וועלכען עס ווערט געלאזען דאמפף [ווי פאר דאמפף=הייצונג].

steam'-col'or *n.* (סטיעמ'-קאל'-אר) קאליר וואס ווערט געמאכט אויף צייג אונ= טער דער ווירקונג פון דאמפף.

steam'-cut'ter *n.* (סטיעמ'-קאט'-ער) א דאמפף=קוטער [אזא קליינעם דאמפף= שיפעל וואס ווערט בענוצט אין דיענסט פון א גרויסער דאמפף=שיף].

steam'-cyl'inder *n.* (סטיעמ'-סיל'-אינ-דער) א דאמפף=צילינדער [פון א דאמפף=מאשין].

steam'-dome *n.* (סטיעמ'-דאום) דער דאמפף=דאם פון א דאמפף=קעסעל [א קא= מער אדער קופאל איבער א דאמפף=קעסעל, וואו עס ווערט אויפגעזאמעלט דער דאמפף פון קעסעל און פון וואנען ער געהט אריין אין צילינדער פון א דאמפף=מאשין אדער אין א דאמפף=הייצונגס=אפאראט].

steam'-en'gine *n.* (סטיעמ'-ענ'-דזשין) א דאמפף=מאשין.

stea'mer *n.* (סטיע'-מער) עטוואס וואס ווערט בעטריבען מיט דאמפף=קראפט; א דאמפפער, א דאמפף=שיף; א דאמפף=מא= שין, אן אייזענבאהן לאקאמאטיוו; א כלי אין וועלכער עטוואס ווערט געדאמפפט; א דאמפף=קעסעל; איינער וואס דאמפפט וועלכע עס איז מאטעריאלען.

stea'mer-duck *n.* (סטיע'-מער-דאק) אזא זעהר שנעל שווימענדע ענטעל [קאטשקע] אין זיד=אמעריקא.

steam'-gage *n.* (סטיעמ'-גיידזש) א מאנאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעס= טען דעם דאמפף=דרוק אין א דאמפף=קע= סעל].

steam'-gas *n.* (סטיעמ'-געס) איבער= געהיצטער דאמפף.

steam'-gen'erator *n.* (סטיעמ'-דזשענ'-ע-ריי-טאר) א דאמפף=קעסעל.

steam'-gun *n.* (סטיעמ'-גאן) א דאמפף= הארמאט, א דאמפף=קאנאנע [א הארמאט אדער קאנאנע וואס שיסט דורך דער קראפט פון דאמפף].

steam'-ham'mer *n.* (סטיעמ'-העמ'-ער) א דאמפף=האמער [אזא גרויסער הא= מער אין אייזען=גיסערייען און שטאל= פאבריקען וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף=קראפט].



Steam-hammer

steam'-heat *n.* (סטיעמ'-היעט) די היץ

וואס פאדערט זיך צו פערוואנדלען וואסער פון 0 גראד צעלזיוס אדער 32 גראד פארנהייט אין דאמפף; דאמפף=הייצונג [די בעהייצונג פון הייזער דורך הייסען דאמפף וואס ווערט געלאזען דורך רעהרען].

steam'-hea'ted *a.* (סטיעמ'-היע'-טעד) געהייצט מיט דאמפף.

steam'-house *n.* (סטיעמ'-האוס) א דאמפף=הויז [א הויז אדער געביידע וואו געוויסע ארטיקלען ווערען געדאמפפט].

stea'miness *n.* (סטיע'-מי-נעס) דאמפיגקייט, דונסטיגקייט; נעבעלדיגקייט, טומאנעקייט.

steam'-jack'et *n.* (סטיעמ'-דזשעק'-עט) א דאמפף=מאנטעל [א בלעך אדער אייזען=גוס מאנטעל ארום א דאמפף=צילינדער אדער דאמפף=קעסעל, כדי דער דאמפף זאל ניט אבגעקיהלט ווערען].

steam'-jet *n.* (סטיעמ'-דזשעט) א דאמפף=שטראם וואס ווערט ארויסגעלאזען פון א שנויץ אדער פון א רעהר.

steam'-ket'tle *n.* (סטיעמ'-קעט'ל) א קעסעל וואס ווערט דערהיצט דורך דאמפף.

steam'-kitch'en *n.* (סטיעמ'-קיטש'-ען) א דאמפף=קיך [אן אפאראט צו קאכען מיט דאמפף].

steam'-launch *n.* (סטיעמ'-לאנטש) א דאמפף=בארקע צו פיהרען פאסאזשירען.

steam'-laun'dry *n.* (סטיעמ'-לאנ'-דרי) א דאמפף=וועשעריי [א וועשעריי, וואו מען ארבייט מיט דאמפף=מאשינען].

steam'-mo'tor *n.* (סטיעמ'-מאו'-טאר) א דאמפף=מאטאר, א דאמפף=מאשין.

steam'-naviga'tion *n.* (סטיעמ'-נעוו-אי-גיי'-שאן) דאמפף=שיפפאהרט [די בענוצונג פון דאמפף צו בעטרייבען שיפען].

steam'-pack'et *n.* (סטיעמ'-פעק'-עט) א פאסט=דאמפפער [א דאמפף=שיף וואס פיהרט פאסט].

steam'-pipe *n.* (סטיעמ'-פאיפ) א דאמפף=רעהר.

steam'-plow *n.* (סטיעמ'-פלאו) א דאמפף=פלוג [אן אקער=אייזען וואס ווערט געטריבען מיט דאמפף=קראפט].

steam'-port *n.* (סטיעמ'-פאורט) די עפנונג אין א דאמפף=קעסעל דורך וועלכער עס געהט ארויס דער דאמפף; א דאמפף=וועג, א דורכגאנג פאר דאמפף.

steam'-pow'er *n.* (סטיעמ'-פאו'-ער) דאמפף=קראפט.

steam'-press *n.* (כטיעמ'-פרעס) א דאמפף=פרעס; א דרוק=פרעס וואס ווערט בעטריבען מיט דאמפף=קראפט.

steam'-pump *n.* (סטיעמ'-פאמפ) א דאמפף=פומפ [א פומפ וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף=קראפט].

steam'-ra'diator *n.* (סטיעמ'-ריי'-די-איי-טאר) א דאמפף=אויסשטראהלער [א סיסטעם פון רעהרען דורך וועלכע עס ווערט געלאזען הייסער דאמפף צו בעהייצען הייזער].

steam'-roll'er *n.* (סטיעמ'-ראול'-ער) א דאמפף=וואלץ וואס ווערט בענוצט ביים ברוקירען גאסען איינצודריקען און אויסצוגלייכען די שטיינער; א שטארקע ארגאניזירטע מאכט פון איינינע פערזאנען אין א פארטיי אדער פעראיין, וועלכע פיהרען דורך זייער ווילען, ניט קוקענדיג אויף דעם ווידערשטאנד פון זייערע געגנער.

steam'-room *n.* (סטיעמ'-רוהם) דער דאמפף=רוים אין א דאמפף=קעסעל.

steam'ship *n.* (סטיעמ'-שיפ) א דאמפף=שיף.

steam'-ta'ble *n.* (סטיעמ'-טיי'בל) א דאמפף=טיש [א טיש וועלכער ווערט געווארעמט מיט דאמפף, אז דאס עסען וואס ווערט געשטעלט אויף איהם זאל ניט אבגעקיהלט ווערען. ווערט בענוצט אין די קיכען פון רעסטאראנען און האטעלען].

steam'-tank *n.* (סטיעמ'-טענק) א קאסטען אדער פאס אין וועלכען מאטעריאלען ווערען בעהאנדעלט מיט דאמפף.

steam'-tight *a.* (סטיעמ'-טאיט) דאמפף=פעסט [וואס לאזט ניט דורך קיין דאמפף].

steam'-trap *n.* (סטיעמ'-טרעפ) א פאר=ריכטונג אין א דאמפף=רעהר, אין א דאמפף=צילינדער א. ד. ג. ארויסצולאזען דאס וואסער וואס האט זיך בעקומען פון דעם אבגעקיהלטען דאמפף.

steam'-tug *n.* (סטיעמ'-טאג) א שלעפ=דאמפפער [א דאמפף=שיף וואס ווערט בענוצט צו שלעפען שיפען, האלץ=פליטען, נעצען א. ד. ג.].

steam'-valve *n.* (סטיעמ'-וועלוו) א דאמפף=ווענטיל [א ווענטיל אדער קלאפע וואס קאנטראלירט די עפנונג פון א דאמפף=רעהר אדער אירגענד וועלכע עפנונג דורך וועלכער דאמפף דארף דורכגעהן].

steam'-ves'sel *n.* (סטיעמ'-וועס'-על) ז. *steamship*.

steam'-wheel *n.* (סטיעמ'-הוויעל) א דאמפף=טורבינע [אזא ראד מיט קליינע שויפלען וועלכע ווערט געטריבען פון א דאמפף=שטראם וואס ווערט געלאזען אויף די שויפלען].

steam'-whis'tle *n.* (סטיעמ'-הוויס'ל) א דאמפף=פייפעל צו געבען סיגנאלען [ווי אויף פאבריקען, שיפען, לאקאמאטיווען א. ד. ג.].

stea'my *a.* (סטיע'-מי) וואס בעשטעהט פון דאמפף; דאמפפיג; פייכט, דונסטיג.

steam'-yacht *n.* (סטיעמ'-יאט) א דאמפף=יאכטע. ז. *yacht*.

stean *n.* (סטיען) ז. *steen*.

ste'arate *n.* (סטי'-ע-רייט) דאס סטעארין=זויערע זאלץ. ז. *stearic acid*.

stear'ic *a.* (סטי-ער'-איק) סטעארינאווע, פון סטעארין.

stear'ic ac'id (סטי-ער'-איק עס'-איד) סטעארין=זויערע, איינער פון די בעשטאנדטיילען פון פעטס, וואס פון איהם ווערען געמאכט סטעארינאווע ליכט.

ste'arin *n.* (סטי'-ע-רין) סטעארין [בעקומט זיך דורך א כעמישער פערבינדונג פון סטעארין=זויערע מיט גליצערין].

ste'arinery *n.* (סטי'-ע-רינ-ער-אי) די פאבריקאציאן פון סטעארין אדער סטעארינאווע פראדוקטען.

ste'atite *n.* (סטי'-ע-טאיט) דער פעטשטיין אדער זייפענשטיין [אזא ווייסער אדער גרינער פעטליכער מינעראל].

steatit'ic *a.* (סטי-ע-טיט'-איק) וואס איז שייך צום פעט=שטיין אדער זייפענשטיין. ז. *steatite*.

steato'ma *n.* (סטי-ע-טאו'-מא) ז. *liparocele*.

steatopy'ga *n.* (סטי-ע-טא-פאי'-גא) זעהר א דיקער הינטער=חלק אדער אחור [ווי ביי די האטענטאטישע פרויען].

steatorrhe'a *n.* (סטי-ע-טא-רי'-א) ז. *seborrhea*.

steato'sis *n.* (סטי-ע-טאו'-סיס) א קראנקהייט פון די פעטס=דריזען.

steed *n.* (סטיעד) א פערד, א קריעגס=פערד.

steel *n., a. and v.* (סטיעל) שטאהל; עפעס געמאכט פון שטאהל, א שווערד; א שטיקעל שטאהל אויסצוהאקען א פונק; געמאכט פון שטאהל; הארט ווי שטאהל; אונבויגזאם; ניט נאכגעביג; אנשטאהלעווען, צוגעבען א שטאהלענעם ענד אדער שפיץ; מאכען הארט ווי שטאהל; מאכען אונבויגזאם; מאכען עהנליך צו שטאהל, פאלירען, גלאט מאכען.

steel'-blue *a. and n.* (סטיעל'-בלוה) טונקעל=בלוי; א טונקעל=בלויער קאליר.

steel'boy *n.* (סטיעל'-באי) איינער פון די מיאטעזשניקעס, וועלכע האבען אין די יאהרען 74—1772 אנגעפיהרט אין אירלאנד גרויסע אגראר=בונטען.

steel'-cap *n.* (סטיעל'-קעפ) א שטאהלענער העלם.

steel'-clad *a.* (סטיעל'-קלעד) בעפאנצערט מיט א שטאהלענעם פאנצער.

steel'-cov'ered *a.* (סטיעל'-קאוו'-ערד) בעדעקט מיט שטאהל, בעפאנצערט.

steel'-engra'ving *n.* (סטיעל'-ענ-גריי'-ווינג) דאס גראווירען אין שטאהל; די צייכנונג אין א שטאהל=גראוויר; אן אבדרוק פון שטאהל=גראוויר.

steel'-goods *n.* (סטיעל'-גודז) שטאהל=סחורות, שטאהל=וואארען.

steelifica'tion *n.* (סטיע-לי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אייזען אין שטאהל.

stee'lify *v.* (סטיע'-לי-פאי) פערוואנדלען אייזען אין שטאהל.

stee'liness *n.* (סטיע'-לי-נעס) שטאהלינקייט, דאס זיין פון שטאהל אדער עהנליך צו שטאהל; הארטקייט.

stee'ling *n.* (סטיע'-לינג) דאס אנשטאהלעווען, דאס צוגעבען א שארף שטיקעל שטאהל צו א שניידענדען אינסטרומענט; דאס איבערציהען א קופער=שטיך מיט א דינעם שיכט פון אייזען.

steel'-pen *n.* (סטיעל'-פען) א שטאהלענע פעדער [צום שרייבען].

steel'-press *n.* (סטיעל'-פרעס) א מאשין וואס פרעסט אויס צושמאלצענע שטאהל אין שטיקער.

steel'-rod *n.* (סטיעל'-ראד) א שטאהל=שטאנג.

steel'-spring *n.* (סטיעל'-ספרינג) א שטאהלענע פרוזשינע.

steel'-string *n.* (סטיעל'-סטרינג) א שטאהלענע סטרונע.

steel'ware *n.* (סטיעל'-הוועהר) שטאהלענע כלים אדער זאכען.

steel'work *n.* (סטיעל'-הוואירק) שטאהלענע ארטיקלען; זאכען געמאכט פון שטאהל.

steel'-wor'ker *n.* (סטיעל'-הוואיר'-קער) א שטאהל=ארבייטער; אן אייזען=ארבייטער.

steel'-works *n.* (סטיעל'-הוואירקס) א שטאהל=גיסעריי, א פאבריק וואו אייזען ווערט פערוואנדעלט אין שטאהל.

stee'ly *a.* (סטיע'-לי) פון שטאהל; עהנליך צו שטאהל; הארט, שטייף, הארטנעקיג, ניט=נאכגיעביג; פון א שטאהל=קאליר.

steel'yard *n.* (סטיעל'-יארד) א בעזמען, א שנעל=וואג.



Steelyard

steen *n.* (סטיען) א מין אלט=רוימישע קרוג געמאכט פון שטיין.

steen'bok *n.* (סטיענ'-באק) דער שטיינבאק [אזא אפריקאנישע אנטילאפע].

steep *a., n. and v.* (סטיעפ) שטארק משופע'דיג; אונגעהייער, גוואלדיג; שווער; א שטארקע משופע'דיגקייט, א שטארק משופע'דיגער פלאץ; ווייקונג, נעצונג, אנזאפונג; אן אויפגוס אויף קערנער [זיי ווייך צו מאכען]; ווייקען, איינווייקען, נעצען, איינטונקען; אנזאפען; געווייקט ווערען, איינגעווייקט ווערען; ווערען אנגעווייקט אדער אנגעזאפט.

steep'-down *a.* (סטיעפ'-דאון) שטארק משופע'דיג, בארג=אראב.

stee'pen *v.* (סטיעפען) ווערען שטארק משופע'דיג.

stee'per *n.* (סטיע'-פער) א ווייק=פאס [א פאס אדער קעסעל צום ווייקען פערשיעדענע זאכען].

steep'-grass *n.* (סטיעפ'-גרעס) פוטער=גראז, פעט=קרויט, פוטער=קרויט [אזא פלאנצע]. ז. ***butterwort***

stee'piness *n.* (סטיע'-פי-נעס) ז. ***steepness***

stee'ping-pool *n.* (סטיע'-פינג-פוהל) א טייכעל צום ווייקען האנף אדער קאנאפליע.

stee'ping-vat *n.* (סטיע'-פינג-וועט) ז. ***steeper***

stee'ple *n.* (סטיעפל) א שפיציגער טורם [אויף א געביידע]; א קירכען=טורעם, א גלאקען=טורעם; אזא הויכער פרויען קאפצודעק [געוועזען אין געברויך אין 14טען יאהרהונדערט]; א פיראמידען=עהנליכע קופע פיש [צום טריקענען].

stee'plechase *n.* (סטיע'פל-טשיים) א וועט=לויף אויף פערד ניט מיט'ן געוועהנליכען וועג, נאר איבער פעלדער, גערטנער א. ז. וו. דערביי מוזען איבערגעשפרונגען ווערען אלע שטערונגען ווי פלויטען, גריבער א. ז. וו.

stee'plechaser *n.* (סטיע'פל-טשיי-סער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פערד=וועט=לויף איבער פעלדער, גערטנער א. ז. וו.; א פערד וואס נעהמט אנטייל אדער איז געלערענט צו נעהמען אנטייל אין אזא וועט=לויף. ז. ***steeplechase***

stee'plechasing *n.* (סטיע'פל-טשיי-סינג) דאס אנטייל נעהמען אין א וועט=לויף אויף פערד מיט נאטירליכע שטערונגען. ז. ***steeplechase***

stee'ple-crowned *a.* (סטיע'פל-קראונד) וואס זעהט אוים ווי א שפיציגער טורעם [ווענען היט און קאפ=צודעקען בכלל].

stee'pled *a.* (סטיעפלד) 1. בעציערט מיט א טורעם אדער גלאקען=טורעם; 2. שפיציג, טורעם=פערמיג.

1. We saw the **steepled** mass of cathedrals rise far into the blue. 2. **Steepled** hats are out of fashion now.

stee'ple-hat *n.* (סטיע'פל-העט) א טורעם=פערמיגער הוט, א שפיציגער הוט.

stee'ple-house *n.* (סטיע'פל-האוס) א קירך, א קירכען=געביידע.

stee'ple-hun'ting *n.* (סטיע'פל-האנ'-טינג) ז. ***steeplechasing***

stee'ple-jack *n.* (סטיע'פל-דזשעק) אן ארבייטער וואס קריכט אויף טורעמס און קוימענס, אום צו פערריכטען עפעס אויף די געביידעס אדער אום צו מאכען רעשטאוואניעס.

stee'pletop *n.* (סטיע'פל-טאפ) אזא וואלפיש מיט א פערשפיצטען קאפ. ז. ***bow-head***

stee'plewise *adv.* (סטיע'פל-הוואיז) ווי א טורעם, ווי א גלאקען=טורעם אדער קירכען=טורעם.

steep'ly *adv.* (סטיעפ'-לי) שטארק משופע'דיג.

steep'ness *n.* (סטיעפ'-נעס) שטארקע משופע'דיגקייט.

steep'-to *a.* (סטיעפ'-טו) שטארק משופע'דיג [ווענען הויכע ברעגען, וואס ניט ווייט פון זיי איז שוין דאס וואסער טיעף].

steep'-tub *n.* (סטיעפ'-טאב) א ווייק=טאפ [אויסצוואווייקען געזאלצען פלייש].

steep'-up *a.* (סטיעפ'-אפ) וואס שטייגט שטארק משופע'דיג [ווי למשל, א בארג].

steep'-wa'ter *n.* (סטיעפ'-הוואה'-טער) א וואסער וואס איז גוט צום ווייקען עפעס [הויפטזעכליך האנף אדער קאנאפליע].

steep'weed *n.* (סטיעפ'-הוויעד) ז. ***steep-grass***

steep'wort *n.* (סטיעפ'-הוואירט) ז. ***steep-grass***

stee'py *a.* (סטיע'-פי) שטארק משופע'דיג.

steer *v. and n.* (סטיער) 1. רודערען, פיהרען אדער ריכטען א שיף; 2. געהן אין א געוויסער ריכטונג אויף'ן ים; 3. זיך לייכט לאזען פיהרען [ווענען א שיף]; 4. ריכטען; זיך ריכטען; זיך אויפפיהרען; 5. פיהרען, שטעהן ביים רודער, לייטען, קאנטראלירען, פערוואלטען, רעגיערען; 6. קאסטרירען, בעשניידען [אן אקס]; 7. א יונגער אקס, א בוהאי [הויפטזעכליך א בעשניטענער].

2. The ship **steers** southward. 3. The vessel **steers** with ease. 4. With a firm hand and unbroken energy he **steers** his way.

steer'able *a.* (סטיער'-עבל) וואס קען געפיהרט ווערען, געריכטעט ווערען, געלייטעט ווערען אדער קאנטראלירט ווערען,

Air-navigation was greatly advanced by the invention of the **steerable** balloon.

steer'age *n.* (סטיער'-עדזש) דאס רודערען, דאס פיהרען אדער ריכטען א שיף; פיהרונג, לייטונג; א ריכטונג, א קורס; א רודער; רעגיערונג, פערוואלטונג; די ווירקונג פון א רודער אויף א שיף; דער צווישענדעק אויף א שיף.

steer'age pas'senger (סטיער'-עדזש פעס'-ענ-דזשער) א צווישענדעק=פאסאזשיר.

steer'ageway *n.* (סטיער'-עדזש-הוויי) די געשווינדקייט פון א שיף וואס זי מוז האבען, אום צו פיהלען די ווירקונג פון'ם רודער.

steer clear of (סטיער קליער אוו) אויסווייכען, אויסמיידען.

It often requires great moral courage to **steer clear of** the temptations of riches.

steer'er *n.* (סטיער'-ער) א שטייערער, א שטייערמאן [אויף א שיף]; דער שטאנג מיט דעם קליינעם רעדעל, דורך וועלכען א דריי=רעדערדיגער וועלאסיפעד ווערט אנגעטריבען; איינער וואס פערפיהרט אימעצען אין א פלאץ, וואו ער ווערט בעשווינדעלט.

steer'ing *n. and a.* (סטיער'-אינג) ריכטונג, ציעל; פערוואלטונג, לייטונג; דאס רודערען; רודערענד; ריכטענד, פיהרענד, לייטענד.

steer'ing commit'tee (סטיער'-אינג קא-מיט'-אי) א קאמיטע וואס פיהרט אן א וואהל=קאמפף.

steer'ing-com'pass *n.* (סטיער'-אינג-קאמ'-פעס) דער שיפס=קאמפאס ביים שטייער=ראד.

steer'ing-gear *n.* (סטיער'-אינג-גיער) דאס שטייער=בעטריעבס=ווערק [דער מעכאניזם צום קירעווען און צו קאנטראלירען דעם רודער פון א שיף אדער די פאדערשטע רעדער פון אן אויטאמאביל].

steer'ing-wheel *n.* (סטיער'-אינג-הוויעל) דאס שטייער=ראד פון א שיף; דאס שטייער=ראד מיט וועלכען מען קירעוועט אן אויטאמאביל.

steer'ling *n.* (סטיער'-לינג) א יונג עקסעל.

steer small (סטיער סמאהל) לייכט רודערען, רודערען אזוי אז די שיף זאל געהן אין א גלייכער ריכטונג.

steers'man *n.* (סטיערז'-מען) א רודערער; א שטייערמאן.

steers'manship *n.* (סטיערז'-מענ-שיפ) שטייערמאנשאפט; שטייערמאן=קונסט; די קונסט צו רודערען אדער פיהרען א שיף.

steeve *n. and v.* (סטיעוו) א הויב=מאשין צום אוועקלעגען פראכט אויף א שיף; דער ערהויבונגס=ווינקעל פון דעם בוגשפריעט [דער שטאנג וואס שטארצט ארוים אויף דעם פאדערטייל פון א שיף] מיט דעם האריזאנט; אוועקשטעלען אונטער א געוויסען ווינקעל, שטעהן אונטער א געוויסען ווינקעל [ווענען בוגשפריעט]; אנלאדען פראכט אויף א שיף.

steganog'raphy *n.* (סטעג-ע-נאג'-רע-פי) שיפער, שיפרירטע שריפט, פערשטעלטע שריפט, געהיים=שריפט; די שיפריר=קונסט.

stein'bock *n.* (סטאינ'-באק) דער שטיינבאק. ז. ***steenbok***

stein'heilite *n.* (סטאינ'-האי-לאיט) א מין יאליט. ז. ***iolite***

ste'la *n.* (סטיע'-לא) ז. ***stele***

ste'le *n.* (סטיע'-לי) א דענקמאל, מצבה אדער זייל אויף א קבר ביי די אלטע גריכען.

stel'echite *n.* (סטעל'-ע-קאיט) ז. ***stelochite***

stel'la *n.* (סטעל'-א) אין זאאלאגיע — א שטערן=עהנליכעס קערפער=טיילכעל.

stel'lar *a.* (סטעל'-אר) שטערנדיג; וואס איז שייך צו שטערן.

stel'lary *a.* (סטעל'-ע-רי) ז. ***stellar***

stel'late *a. and n.* (סטעל'-אייט) שטערנפערמיג, שטערנארטיג, שטראהליג; אין זאאלאגיע — א שטערנארטיגעס קערפערטיילכעל.

stel'lated *a.* (סטעל'-איי-טעד) שטערנארטיג, שטערנפערמיג, שטראהליג.

stel'lately *adv.* (סטעל'-אייט-לי) ווי א שטערן; אויף א שטערנפערמיגען אדער שטראהליגען אופן.

stel'lature *n.* (סטעל'-ע-טשור) ז. ***stellionate***

stellif'erous *a.* (סטע-ליפ'-ע-ראס) שטערנדיג, פול מיט שטערן.

stel'liform *a.* (סטעל'-אי-פארם) שטערנפערמיג, שטראהליג.

stel'lio *n.* (סטעל'-אי-או) די שטערן=יאשטשערקע. ז. ***star-lizard***

stel'lion *n.* (סטעל'-יאן) די שטערן=יאשטשערקע. ז. ***star-lizard***

stel'lionate *n.* (סטעל'-יאנ-אייט) א פאלשע, בעטריגערישע האנדלונג, א שווינדלערישער האנדעל.

stel'lite *n.* (סטעל'-איט) דער סטעליט [אזא מינעראל].

stel'lular *a.* (סטעל'-יו-לאר) ווי קליינע שטערענדלעך; בעשפרענקעלט מיט קליינע שטערנדלעך.

stel'lulate *a.* (סטעל'-יו-לייט) ז. ***stellular***

stel'ochite *n.* (סטעל'-א-קאיט) קויהלען־זויערער קאלך [אזא מינעראל].

stem *n. and v.* (סטעם) [פון סטעם] א שטאם [פון א בוים]; א שטענגעל [פון א בלום אדער בלאט]; א פאמיליען־שטאם; א פאמיליען־ליניע; אבשטאמונג; א פאמיליען־אבצווייגונג; א הענטעל, א שטיעל; א שטענגעל־עהנליכער טייל פון עפעס; דער האריזאנטאלער שטריך ביי א מוזיק־נאטע; די אנפאנגס־פארם פון א ווארט; דער פאדער־טייל פון א שיף; דער באלקען וואס פאראייניגט פון פארענט די ביידע זייטען פון א שיף; געהן פארויס; געהן געגען, ביי־קומען, געהן פארויס געגען שטערונגען [הויפטזעכליך ווענען א שיף וואס געהט געגען שטראם אדער געגען ווינד]; פערהאלטען, אבהאלטען; פערשטייפען; פערצעמענטעווען; זיך אנשטויסען מיט'ן פאר־דערטייל [ווענען א שיף].

stem'-end *n.* (סטעמ'-ענד) דער שטאם־ענד פון א פרוכט [דער טייל, מיט וועלכען א פרוכט איז בעפעסטיגט צום שטענגעל].

stem'-leaf *n.* (סטעמ'-ליעף) א שטענגעל־בלאט [וואס וואקסט פון שטענגעל].

stem'less *a.* (סטעמ'-לעס) אהן א שטענגעל.

stem'let *n.* (סטעמ'-לעט) א שטענגעלעל, א קליינער שטאם.

stem'ma *n.* (סטעמ'-א) א פאמיליען־שטאם, א פאמיליען־צעטעל; א פאמיליע; איינס פון די מיקראסקאפישע אויגעלעך, פון וועלכע עס איז צוזאמענגעשטעלט דאס אויג פון אן אינזעקט; א פונקט־אויג [אזא אונבעוועגליכעס אויג אויף'ן קאפ פון אינזעקטען]; דאס ווארצעלע פון א פיהל־הערנדעל [ביי אינזעקטען].

stem'matous *a.* (סטעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו א מיקראסקאפישען אויגעל אדער צו א פונקט־אויג [ביי אינזעקטען]. ז. **stemma**.

stemmed *a.* (סטעמד) וואס האט א שטאם אדער שטענגעל [געברויכט מייסטענס אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].
This is a straight-stemmed plant.

stem'mer *n.* (סטעמ'-ער) אן אינסטרומענט צו פערצעמענטעווען פערבינדונגען אדער געלענקען.

stem'mery *n.* (סטעמ'-ער-אי) א פאבריק, וואו מען שניידט אב די טאבאק־בלעטער פון די שטענגעלעך.

stem'ple *n.* (סטעמפל) דאס יאך־האלץ אדער קווער־האלץ [אין א קויהלען־גרוב אדער מעטאל־גרוב].

stem'-rot *n.* (סטעמ'-ראט) א קראנקהאפטער צושטאנד פון פלאנצען־שטענגעלעך.

stem'-win'der *n.* (סטעמ'-הוואינ'-דער) א רעמאנטואר־זייגער [וואס ווערט אנגעצויגען אהן א בעזונדערען שליסעל].

stench *n.* (סטענטש) א געשטאנק.

stench'-pipe *n.* (סטענטש'-פאיפ) אן אבצווייגונג פון א שמוץ־רעהר איבער א הויז [אום ארויסצולאזען דעם געשטאנק].

stench'-trap *n.* (סטענטש'-טרעפ) דער וואסער־פערשלוס אדער די שליס־קלאפע [א פערטיעפונג אין א קאנאליזאציאנס־רעהר, וואס איז אנגעפילט מיט וואסער און לאזט ניט ארויס די שלעכטע ריחות].

sten'chy *a.* (סטענ'-טשי) שטינקענד.

sten'cil *n. and v.* (סטענ'-סיל) א שאבלאן [א בלעכעל אדער פאפיערעל, אין וועלכען עס איז אויסגעשניטען א בוכשטאב אדער צייכנונג צום אבדרוקען אויף צייג, האלץ א. ד. ג. בעשמירענדיג מיט טינט אדער פארב]; שאבלאן־פארב, שאבלאן־טינט; צייכנען אדער מאלען מיט דער הילף פון שאבלאנען.

sten'ciler *n.* (סטענ'-סיל-ער) א שאבלאנען־מאלער, איינער וואס מאלט מיט דער הילף פון שאבלאנען. ז. **stencil**.

sten'ciling *n.* (סטענ'-סיל-אינג) שאבלאנען־מאלעריי, דאס מאלען אוזארען מיט דער הילף פון שאבלאנען. ז. **stencil**.

sten'ciling-press *n.* (סטענ'-סיל-אינג-פרעס) א שאבלאן־דרוק־פרעס [א פרעס אויף וועלכען מען דרוקט מיט דער הילף פון שאבלאנען]. ז. **stencil**.

sten'ciller *n.* (סטענ'-סיל-ער) ז. **stenciler**.

sten'cilling *n.* (סטענ'-סיל-אינג) ז. **stenciling**.

sten'cil-machine' *n.* (סטענ'-סיל-מע-שין') א שאבלאנען־מאשין [אזא מאשין צו מאכען שאבלאנען פון געוואילטען פאפיער]. ז. **stencil**.

sten'cil-pen *n.* (סטענ'-סיל-פען) א מאשין אויסצושניידען שאבלאנען. ז. **stencil**.

sten'cil-plate *n.* (סטענ'-סיל-פלייט) ז. **stencil**.

stenocar'dia *n.* (סטענ-א-קאר'-די-א) שמאל־בריסטיגקייט, ענג־בריסטיגקייט.

stenoceph'alous *a.* (סטענ-א-סעפ'-ע-לאס) שמאל־קעפיג.

sten'ograph *n.* (סטענ'-א-גרעף) א סטענאגראפישער צייכען; א סטענאגראפיע; א סטענאגראפישע שרייב־מאשין [צום שרייבען ניט מיט בוכשטאבען, נאר מיט סטענאגראפישע צייכענס].

stenog'rapher *n.* (סטי-נאג'-רע-פער) א סטענאגראף. ז. **stenography**.

stenograph'ic *a.* (סטענ-א-גרעפ'-איק) סטענאגראפיש. ז. **stenography**.

stenograph'ical *a.* (סטענ-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. **stenographic**.

stenograph'ically *adv.* (סטענ-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) סטענאגראפיש; מיט סטענאגראפישע צייכענס אנשטאט בוכשטאבען. ז. **stenography**.

stenog'raphist *n.* (סטי-נאג'-רע-פיסט) ז. **stenographer**.

stenog'raphy *n.* (סטי-נאג'-רע-פי) סטענאגראפיע [א סיסטעם פון שנעלשרייבען מיט קורצע צייכענס, וועלכע פערנעהמען דעם פלאץ פון בוכשטאבען, איינצעלנע ווערטער אדער גאנצע גרופען ווערטער].

stenopa'ic *a.* (סטענ-א-פיי'-איק) וואס האט א שמאלע עפנונג.

stenosed' *a.* (סטי-נאוסט') קראנקהאפט פערשמעלערט אדער פערענגט [ווענען א קערפער־עפנונג].

steno'sis *n.* (סטי-נאו'-סיס) א קראנקהאפטע פערשמעלערונג פון א קערפער־עפנונג.

stenoteleg'raphy *n.* (סטענ-א-טי-לעג'-רע-פי) סטענאטעלעגראפיע, דאס טעלעגראפירען מיט קורצע סטענאגראפישע צייכענס.

stenot'erous *a.* (סטי-נאט'-ע-ראס) וואס פערשמעלערט זיך ביסלעכווייז פון צענטער צום ראנד אדער אויבערפלעכע.

stenot'ic *a.* (סטי-נאט'-איק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א קראנקהאפטער פערשמעלערונג פון א קערפער־עפנונג.

sten'otype *n.* (סטענ'-א-טאיפ) א געוועהנליכער געדרוקטער בוכשטאב, וואס ווערט געברויכט אלס סטענאגראפישער צייכען.

sten'otypy *n.* (סטענ'-א-טאי-פי) דאס געברויכען געוועהנליכע געדרוקטע בוכשטאבען אלס סטענאגראפישע צייכענס.

stent *n.* (סטענט) א מאשין אדער אינסטרומענט צום פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען.

sten'ter *n. and v.* (סטענ'-טער) א מאשין אדער אינסטרומענט צום פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען; פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען.

sten'ter-hook *n.* (סטענ'-טער-הוק) ז. **stent**.

sten'tor *n.* (סטענ'-טאר) א מענש מיט א שטארקער שטימע [אויף'ן נאמען פון דעם העראלד אין האמער'ס איליאדע, וועלכער האט געקענט שרייען אזוי הויך ווי 50 מענשען]; די בריל־אפע [אזא זיד־אמעריקאנישע אפע. ז. ***howler***].

Sten'tor *n.* (סטענ'-טאר) דער מין בריל־אפען [ז. ***howler***]; א מין פאליפען, וואס האבען דעם אויסזעהען פון א לייקע.

stento'rian *a.* (סטענ-טאו'-רי-ען) 1. הויך, שטארק [אין קלאנג]; 2. וואס קען ארויסגעבען הויכע קלאנגען.
1. He has a stentorian voice.

stentorophon'ic *a.* (סטענ-טא-רא-פאנ'-איק) וואס רעדט הויך; וואס קלינגט הויך.

step *v. and n.* (סטעפ) 1. טרעטען; מאכען א טריט אדער א שפאן; 2. געהן, שפאנען, א געה טהאן; 3. קומען, אריינקומען; 4. געהן מיט געמאסטענע טריט, מיט זעלבסטווירדע אדער וואזשנעקייט; 5. אוועקשטעלען, שטעלען [דעם פוס]; 6. מעסטען דורך טריט; 7. דורכפיהרען דורך בעשטימטע טריט [א טאנץ]; 8. אוועקשטעלען אדער מאכען אין דער פארם פון טרעפ; 9. א טריט, א שריט, א שפאן; א טרעפ; 10. א שטופע, א גראד; א העכערונג; א שריט פארווערטס; 11. א פוס־שפור, א סליאד; 12. דאס געהן, טריט, א גערויש פון טריט; 13. א פערטיעפונג אריינצושטעלען אדער צו בעפעסטיגען עפעס; 14. א שריט, א מיטעל.
2. He stepped into the neighbor's house. 3 Step in, please! 5. I never stepped foot in this city. 6. The distance can easily be stepped off. 7. He stepped a stately dance. 10. The recent tariff reform is a long step in the direction of free trade. 12. I hear a step at the door.

step aside' (סטעפ ע-סאיד') אבגעהן אין א זייט, מאכען א ווארע; בעגעהן א פעהלער, אראבגעהן פון דרך הישר.

step awry' (סטעפ ע-ראי') מאכען א פעהלער, אראבגעהן פון דרך הישר; געהן שלעכט, געהן ניט ווי עס בעדארף צו זיין, זיין אהן ערפאלג.

step'brother *n.* (סטעפ'-בראטה-ער) א שטיעפברודער.

step by step (סטעפ באי סטעפ) טריט ביי טריט, שטופענווייז; מיט דעמזעלבען שריט.

step'child *n.* (סטעפ'-טשאילד) א שטיעפקינד.

step'-coun'try *n.* (סטעפ'-קאנ'-טרי) א שטיעף־פאטערלאנד, א שטיעף־מוטערלאנד.

step'dame *n.* (סטעפ'-דיים) ז. ***stepmother***.

step'-dance *n.* (סטעפ'-דענס) א טאנץ מיט פערשיעדענע און שווערע פיס־בעוועגונגען אדער א טאנץ, וואו די פיס־בעוועגונגען זיינען וויכטיגער ווי די פיגורען.

step'daughter *n.* (סטעפ'-דאה-טער) א שטיעפטאכטער.

step'father *n.* (סטעפ'-פא-טהער) א שטיעפפאטער.

step'-lad'der *n.* (סטעפ'-לעד'-ער) א טרעפען=לייטער, א שטעהענדער לייטער.

step'mother *n.* (סטעפ'-מאטה-ער) א שטיעפמוטער.

step'motherly *a.* (סטעפ'-מאטה-ער-לי) שטיעפמוטערליך, ווי עס פאסט פאר א שטיעפמוטער; בייז, שלעכט.

step out (סטעפ אוט) ארויסטרעטען, ארויסגעהן; מאכען גרעסערע טריט, פערשנעלערען דעם גאנג.

steppe *n.* (סטעפ) א סטעפע [א פלאכע געגענד אין רוסלאנד, וועלכע איז בעוואקסען מיט גראז און אהן בוימער].

stepped *a.* (סטעפט) געמאכט ווי טרעפ; וואס בילדעט א טרעפ; אונטערגעשפארט מיט א לייטער.

stepped pyr'amid (סטעפט פיר'-ע-מיד) א טרעפ=פיראמידע [א פיראמידע וואס איז געבויט אין דער פארם פון ריעזיגע טרעפ]. ז. *pyramid*

steppe mur'rain (סטעפ מאר'-איין) א פיה=מגפה, א רינד=פעסט.

step'per *n.* (סטעפ'-ער) א געהער, א לויפער; א שנעל=לויפענדעס פערד.

step'ping *n.* (סטעפ'-אינג) דאס געהן, דאס שרייטען; טרעפ=עהנליכע איינקארבונגען.

step'ping-stone *n.* (סטעפ'-אינג-סטאון) א פוס=טריט, א טריט=שטיין [אין א וואסער צום אריבערגעהן]; א מיטעל, א הילפס=מיטעל [צו ערפאלג אדער פארשריט].

steps *n.* (סטעפס) א גאנג, א ריכטונג; טרעפ; א טרעפען=לייטער, א שטעהענדער לייטער.

step'sister *n.* (סטעפ'-סיס-טער) א שטיעפשוועסטער.

step'son *n.* (סטעפ'-סאן) א שטיעפזוהן.

step'-stone *n.* (סטעפ'-סטאון) ז. *stepping-stone*.

ster'cobilin *n.* (סטויר'-קא-ביל-אין) דער ברוינער פארב=שטאף אין צאה.

stercora'ceous *a.* (סטויר-קא-ריי'-שיאס) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון צאה אדער בעמיסטיגונגס=שטאף; וואס ערנעהרט זיך מיט צאה אדער מיסט; וואס געפינט זיך אויף מיסט [ווענען אינזעקטען].

stercoræ'mia *n.* (סטויר-קא-רי'-מי-א) ז. *stercoremia*.

ster'coral *a.* (סטויר'-קא-רעל) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאה].

stercora'reous *a.* (סטויר-קא-ריי'-רי-אס) ז. *stercoraceous*.

ster'corary *a. and n.* (סטויר'-קא-רע-רי) מיסטיג; וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאה אדער מיסט]; א פלאץ צו האלטען מיסטיגונגס=שטאפען.

ster'corate *v.* (סטויר'-קא-רייט) מיסטיגען.

stercora'tion *n.* (סטויר-קא-ריי'-שאן) מיסטיגונג.

stercore'mia *n.* (סטויר-קא-רי'-מי-א) בלוט=פערדארבונג דורך צאה אדער טינוף.

stercoric'olous *a.* (סטויר-קא-ריק'-א-לאס) וואס האלט זיך אין מיסט אדער עקסקרעמענטען [צאה, טינוף].

stere *n.* (סטעהר) א קוביק=מעטער.

ster'eobate *n.* (סטער'-אי-א-בייט) א פונדאמענט, אן אונטערבוי [פון א געביידע].

stereobat'ic *a.* (סטער-אי-א-בעט'-איק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פונדאמענט אדער אונטערבוי פון א געביידע.

ster'eochrome *n.* (סטער'-אי-א-קראום) א סטערעאכראמישעס בילד [א גלאזירטעס בילד, א בילד געמאכט מיט פארבען, וועלכע זיינען געמישט מיט וואסער=גלאז].

stereochro'mic *a.* (סטער-אי-א-קראו'-מיק) סטערעאכראמיש, דורך סטערעאכראמיע [א מין וואנד=מאהלעריי מיט גלאזירונג אדער מיט פארבען געמישט מיט וואסער=גלאז].

stereochro'mic proc'ess (סטער-אי-א-קראו'-מיק פראס'-עס) דער סטערעאכראמישער פראצעס, סטערעאכראמישע מאהלעריי. ז. *stereochromy*

ster'eochromy *n.* (סטער'-אי-א-קראו-מי) סטערעאכראמיע [א מין גלאזירטע וואנד=מאהלעריי, וואו פארבען ווערען צוזאמענגעמישט מיט וואסער=גלאז].

ster'eo-elec'tric *a.* (סטער'-אי-או-אי-לעק'-טריק) וואס איז שייך צו אן עלעקטרישען שטראם, וואס ווערט ארויסגערופען דורך דער בעריהרונג פון צוויי מעטאלען [ווי אנטימאן און וויסמוט] פון פערשיעדענע טעמפעראטורען.

ster'eogram *n.* (סטער'-אי-א-גרעם) ז. *stereograph*.

ster'eograph *n.* (סטער'-אי-א-גרעף) א סטערעאגראם, א סטערעאגראפישעס בילד, א פערספעקטיוו=בילד [א צייכנונג אדער בילד פון א זאך, וואס שטעלט זי פאר בולט אדער אזוי ווי מען וואלט זי געזעהן אין דער ווירקליכקייט]; א סטערעאסקאפ=בילד [ז. *stereoscope*].

stereograph'ic *a.* (סטער-אי-א-גרעפ'-איק) סטערעאגראפיש, פארשטעלענדיג סאלידע קערפער אויף א פלעכע, אזוי אז זיי זאלען אויסזעהן בולט.

stereograph'ical *a.* (סטער-אי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *stereographic*

stereog'raphy *n.* (סטער-אי-אג'-רע-פי) סטערעאגראפיע, די קונסט צו צייכנען סאלידע קערפער אזוי, אז זיי זאלען אויסזעהן בולט; דער טייל פון געאמעטריע וואס ציינט די איינגנשאפטען און דעם בוי פון סאלידע קערפער.

stereom'eter *n.* (סטער-אי-אמ'-ע-טער) א סטערעאמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען דעם רוים=אינהאלט פון קערפער; אן אינסטרומענט צום בעשטימען דאס ספעציפישע געוויכט פון פליסיגקייטען, פולווערען אדער פוכקע קערפער. ז. *specific gravity*].

stereomet'ric *a.* (סטער-אי-א-מעט'-ריק) סטערעאמעטריש. ז. *stereometry*

stereomet'rical *a.* (סטער-אי-א-מעט'-רי-קעל) ז. *stereometric*

stereom'etry *n.* (סטער-אי-אמ'-ע-טרי) סטערעאמעטריע, די געאמעטריע פון פעסטע קערפער; דאס מעסטען דעם רוים=אינהאלט פון קערפער; דאס בעשטימען דאס ספעציפישע געוויכט פון פליסיגקייטען, פולווערס אדער פוכקע קערפער [ז. *specific gravity*].

stereop'ticon *n.* (סטער-אי-אפ'-טי-קאן) א סטערעאפטיקאן, א דאפעלטע צויבער=לאמטערנע. ז. *magic lantern*

ster'eoscope *n.* (סטער'-אי-א-סקאופ) א סטערעאסקאפ [אן אפטישער אינסטרומענט, מיט דער הילף פון וועלכען צוויי בילדער פון א זאך מאכען דעם איינדרוק, ווי מען וואלט געזעהן די זאך בולט, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט]

stereoscop'ic *a.* (סטער-אי-א-סקאפ'-איק) סטערעאסקאפיש, וואס זעהט אויס בולט און האט די נאטירליכע פערספעקטיווע [ווי א בילד געזעהן דורך א סטערעאסקאפ]. ז. *stereoscope*

stereoscop'ical *a.* (סטער-אי-א-סקאפ'-אי-קעל) ז. *stereoscopic*

stereoscop'ically *adv.* (סטער-אי-א-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א סטערעאסקאפ; ווי דורך א סטערעאסקאפ. ז. *stereoscope*

ster'eoscopist *n.* (סטער'-אי-א-סקאו-פיסט) איינער וואס איז געניט אין געברויך אדער אין מאכען סטערעאסקאפען. ז. *stereoscope*

ster'eoscopy *n.* (סטער'-אי-א-סקאו-פי) סטערעאסקאפיע, דער געברויך אדער די קאנסטרוקציאן פון סטערעאסקאפען. ז. *stereoscope*

stereotom'ic *a.* (סטער-אי-א-טאמ'-איק) סטערעאטאמיש. ז. *stereotomy*

stereotom'ical *a.* (סטער-אי-א-טאמ'-אי-קעל) ז. *stereotomic*

stereot'omy *n.* (סטער-אי-אט'-א-מי) סטערעאטאמיע [די וויסענשאפט אדער די קונסט צו שניידען סאלידע קערפערס אין פערשיעדענע פיגורען און טיילען].

ster'eotype *n., a. and v.* (סטער'-אי-א-טאיפ) א סטערעאטיפ, א געגאסענע שריפט=פלאטע; דאס דרוקען מיט שריפט=פלאטען; סטערעאטיפיש; אבגיסען שריפט=פלאטען; דרוקען מיט סטערעאטיפען אדער שריפט=פלאטען.

ster'eotype-block *n.* (סטער'-אי-א-טאיפ-בלאק) א סטערעאטיפ=קלעצעל [א קלעצעל אויף וועלכען מען שלאגט אן א סטערעאטיפ אדער געגאסענע שריפט=פלאטע].

ster'eotyped *a.* (סטער'-אי-א-טאיפט) סטערעאטיפיש; אבגעדראשען, שאבלאנענהאפט [ניט אריגינעל]; פעסטגעשטעלט, אונפערענדערליך; געדרוקט פון סטערעאטיפען [געגאסענע שריפט=פלאטען].

ster'eotype-met'al *n.* (סטער'-אי-א-טאיפ-מעט'-על) סטערעאטיפען=מעטאל [צום גיסען דערפון סטערעאטיפען אדער שריפט=פלאטען].

ster'eotyper *n.* (סטער'-אי-א-טאי-פער) א סטערעאטיפען=מאכער, איינער וואס גיסט סטערעאטיפען אדער שריפט=פלאטען.

stereoty'pery *n.* (סטער-אי-א-טאי'-פער-אי) א סטערעאטיפען=גיסעריי [א פאבריק, וואו מען מאכט שריפט=פלאטען]; סטערעאטיפען=גיסונג, די קונסט צו מאכען סטערעאטיפען.

stereotyp'ic *a.* (סטער-אי-א-טיפ'-איק) סטערעאטיפיש; וואס איז שייך צו סטערעאטיפען [געגאסענע שריפט=פלאטען].

ster'eotyping *n.* (סטער'-אי-א-טאי-פינג) סטערעאטיפירונג, דאס מאכען סטערעאטיפען אדער געגאסענע שריפט=פלאטען.

ster'eotypist *n.* (סטער'-אי-א-טאי-פיסט) ז. *stereotyper*

stereotypog'rapher *n.* (סטער-אי-א-טאי-פאג'-רע-פער) א סטערעאטיפ=דרוקער, איינער וואס דרוקט פון סטערעאטיפען אדער געגאסענע שריפט=פלאטען.

stereotypog'raphy *n.* (סטער-אי-א-טאי-פאג'-רע-פי) סטערעאטיפאגראפיע, סטערעאטיפען=דרוקעריי, דאס דרוקען פון

סטערעאטיפען אדער געגאסענע שריפט־פלאטען.

ster'eotypy *n.* (סטער'-אי-א-טאי-פי) סטערעאטיפיע, סטערעאטיפען־גיסונג, די קונסט צו גיסען שריפט־פלאטען.

ster'ile *a.* (סטער'-איל) 1. אונפרוכטבאר; 2. פריי פון באקטעריען אדער מיקראבען; 3. פרוכטלאז, נוצלאז, וואס פיהרט ניט צו קיינע רעזולטאטען; 4. טרוקען, ארעם [וועגען א געדאנק, סטיל א. ז. וו.].
3. The discussion was sterile of results.
4. His style is sterile.

sterilisa'tion *n.* (סטער-איל-אי-זיי'-שאן) ז. ***sterilization***

ster'ilise *v.* (סטער'-איל-איז) ז. ***sterilize***

steril'ity *n.* (סטע-ריל'-אי-טי) אונפרוכטבארקייט; פרוכטלאזיגקייט, רעזולטאטלאזיגקייט; טרוקענקייט, ארעמקייט [אין אידעען אדער אויסדריקע].

steriliza'tion *n.* (סטער-איל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; סטעריליזירונג [בעפרייאונג פון באקטעריען אדער מיקראבען].

ster'ilize *v.* (סטער'-איל-איז) מאכען אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; סטעריליזירען, בעפרייען פון באקטעריען אדער מיקראבען.

ster'ilized milk (סטער'-איל-איזד מילק) סטעריליזירטע מילך [מילך, אין וועלכער מען האט געטויטעט די מיקראבען].

ster'ilizer *n.* (סטער'-איל-אי-זער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; א סטעריליזאטאר, אן אפאראט צו סטעריליזירען [צו בעפרייען פון באקטעריען אדער מיקראבען].

ster'let *n.* (סטויר'-לעט) דער סטערלעט אדער סטערליאד [א מין פיש. ווערט הויפטזעכליך הויך געשעצט צוליעב זיין איקרע אדער רויגען]. ז. ***sturgeon***.

ster'ling *a. and n.* (סטויר'-לינג) פון א בעשטימטען, פעסטגעשטעלטען אדער געזעצליכען ווערטה, וואס האט די פראבע [וועגען מטבעות און ווערטהפאלע מעטאלען]; פון אנערקענטען ווערטה אדער ווירקונג; עכט, גילטיג, אמת'דיג, ריכטיג; אויסגעצייכענט, פון גרויסען ווערטה; א סטערלינג [א פארצייטיגע ענגלישע מטבע].

stern *a., n. and v.* (סטוירן) הארט; שטרענג; בייז; פינסטער, כמורנע, אונפריינדליך; פעסט, אונבויגזאם; דאס העק [דער אויבערער טייל פון דעם הינטער־טייל פון א שיף, וואו עס געפינט זיך דער רודער]; דער הינטער־טייל; דער עק; רודערען צוריקוועגס; געהן צוריקוועגס [וועגען א שיף].

ster'nage *n.* (סטויר'-נעדזש) ריכטונג, קורס [פון א שיף אדער פון א פלאטע].

ster'nal *a.* (סטויר'-נעל) וואס איז שייך צום ברוסט־ביין; וואס געפינט זיך ביי דער ברוסט אדער ארום הארצען.

sternal'gia *n.* (סטויר-נעל'-דזשי-א) א וועהטאג ארום דעם ברוסט־ביין; ברוסט־שמערץ.

sterna'lis *n.* (סטויר-ניי'-ליס) א ברוסט־מוסקול.

ster'nal rib (סטויר'-נעל ריב) אן אויבערשטער ריפ [אין געגענזאץ צו אן אונטערשטען קורצען ריפ].

stern'-board *n.* (סטוירנ'-באורד) א ריקווערטס־בעוועגונג פון א שיף.

stern'-chase *n.* (סטוירנ'-טשעיס) דאס יאגען זיך נאך א שיף אין דערזעלבער ריכטונג, אין וועלכער עס געהט די פערפאלגטע שיף.

stern'-cha'ser *n.* (סטוירנ'-טשיי'-סער) א הינטער־קאנאנע [אויף א שיף צו שיסען אין א פיינדליכער שיף וואס יאגט זיך נאך].

sterned *a.* (סטוירנד) וואס האט א העק אדער הינטערטייל פון א געוויסער פארם [וועגען א שיף].

stern'-fast *n.* (סטוירנ'-פעסט) דאס הינטערטוי [א שטריק אדער קייט צו בעפעסטיגען דעם הינטערטייל פון א שיף צום לאנדונגס־פלאץ].

stern'-frame *n.* (סטוירנ'-פריים) די פערשיעדענע טיילען, פון וועלכע עס איז צוזאמענגעשטעלט דער העק [דער הינטערטייל פון א שיף].

stern'ly *adv.* (סטוירנ'-לי) אויף א שטרענגען, בייזען, כמורנעם, פינסטערען שטייגער; מיט הארטקייט; מיט פעסטקייט, מיט שטרענגקייט.

stern'ness *n.* (סטוירנ'-נעס) הארטקייט; שטרענגקייט; בייזקייט; פינסטערקייט, כמורנעקייט; פעסטקייט, אונבויגזאמקייט.

ster'num *n.* (סטויר'-נאם) דער ברוסט־ביין.

sternuta'tion *n.* (סטויר-ניו-טיי'-שאן) דאס ניסען.

sternu'tative *a.* (סטויר-ניו'-טיי-טיוו) וואס רייצט צום ניסען.

sternu'tatory *a. and n.* (סטויר-ניו'-טיי-טא-רי) וואס רייצט צום ניסען; א מיטעל צום ניסען, א ניס־פולווער.

stern'ward *adv. and a.* (סטוירנ'-הווארד) צום הינטער־טייל פון א שיף; וואס איז געריכטעט צום הינטער־טייל פון א שיף.

stern'wards *adv. and a.* (סטוירנ'-הווארדז) ז. ***sternward***

stern'way *n.* (סטוירנ'-הוויי) א ריקווערטס־בעוועגונג פון א שיף.

ster'ro-met'al *n.* (סטער'-או-מעט'-על) א מעטאל וואס בעשטעהט פון א געמיש פון קופער און צינק מיט א קליינער ביימישונג פון אייזען און צין.

ster'tor *n.* (סטויר'-טאר) א שטארקעס כראפען [ביי געוויסע קראנקהייטען].

sterto'rious *a.* (סטויר-טאו'-רי-אס) ז. ***stertorous***

sterto'riousness *n.* (סטויר-טאו'-רי-אס-נעס) ז. ***stertorousness***

ster'torous *a.* (סטויר'-טא-ראס) וואס איז פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

ster'torously *adv.* (סטויר'-טא-ראס-לי) שטארק כראפענדיג; פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

ster'torousness *n.* (סטויר'-טא-ראס-נעס) דאס זיין פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

stet (סטעט) זאל בלייבען [א קארעקטאר'ס בעמערקונג, אז עס זאל בלייבען ווי געדרוקט, אז די פריהער געצייכענטע אויסבעסערונג זאל ניט געמאכט ווערען]; הייסען, עס זאל בלייבען ווי געדרוקט; הייסען, אז א פריהער־געצייכענטע אויסבעסערונג זאל ניט געמאכט ווערען]; הייסען, עס זאל בלייבען ווי געוועזען.

stethid'ium *n.* (סטי-טהיד'-אי-אם) דאס ברוסט־שטיק [ביי אינזעקטען].

steth'ograph *n.* (סטעטה'-א-גרעף) א סטעטאגראף [אן אינסטרומענט צו מעסטען די אטעמונגס־בעוועגונגען פון דעם ברוסט־קאסטען].

stethom'eter *n.* (סטי-טהאמ'-ע-טער) א סטעטאמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די ברוסט־בעוועגונגען ביים אטהעמען].

steth'oscope *n. and v.* (סטעטה'-א-סקאופ) א סטעטאסקאפ, אן אינסטרומענט וואס דאקטוירים בענוצען צום אויסהערען די ברוסט אדער די לונגען; אונטערזוכען מיט א סטעטאסקאפ.



Stethoscope

stethoscop'ic *a.* (סטעטה-א-סקאפ'-איק) סטעטאסקאפיש; וואס איז שייך צו דער ברוסט־אונטערזוכונג אדער צו א סטעטאסקאפ; וואס מען געפינט אויס מיט דער הילף פון א סטעטאסקאפ [א מעדיצינישער אינסטרומענט צום אויסהערען די ברוסט].

stethoscop'ical *a.* (סטעטה-א-סקאפ'-אי-קעל) ז. ***stethoscopic***

steth'oscopy *n.* (סטעטה'-א-סקאו-פי) דאס אויסהערען די ברוסט; דאס אונטערזוכען די ברוסט מיט א סטעטאסקאפ [א מעדיצינישער אינסטרומענט צום אויסהערען די ברוסט].

ste'vedore *n.* (סטי'-ווע-דאור) איינער וואס לאדט אן און לאדט אויס שיפען.

stev'en *n.* (סטעוו'-ען) אווארט, א פערשפרעכען; אן אבמאך, א פעראברעדונג, א בעשטימונג.

stew *v. and n.* (סטיו) איינקאכען, איינדעמפפען, שמארען; איינגעקאכט ווערען, איינגעדעמפפט ווערען; איינגעקאכטע אדער איינגעדעמפפטע שפייז [הויפטזעכליך פלייש און פיש]; א כלי צום איינדעמפפען; א הייץ־צימער; א צימער צום טריקענען היט; אן אויוועז; א בארדעל, א אונאנשטענדיג הויז; א סאזשעלקע, א טייכעל; א פלאץ צום האלטען פאזאנען [אזעלכע פויגלען]; א פלאץ צום האדעוועז אדער פלאדיען אויסטערס; צו רודערטקייט, אויפגערעגטקייט.

stew'ard *n. and v.* (סטיו'-ארד) א סטיוארד [א הויפמייסטער, א הויז־פערוואלטער, א ווירטשאפטס־אויפזעהער, אן עקאנאם, א פערוואלטער, א פראוויאנט־מייסטער]; אן אויפפאסער אויף די שפייזען, צימערען און דיענערשאפט אויף א שיף; פערנעהמען די שטעלע פון א סטיוארד.

stew'ardess *n.* (סטיו'-אר-דעס) א הויז־פערוואלטערין, אן עקאנאמקע; אן אויפפאסערין אדער ווערטערין אין א דאמען־קאיוטע [פון א שיף].

stew'ardly *a. and adv.* (סטיו'-ארד-לי) עקאנאמיש, איבערלעגט; מיט פארזיכט, מיט איבערלעגונג, אויף אן עקאנאמישען שטייגער.

stew'ardry *n.* (סטיו'-ארד-רי) ז. ***stewardship***

stew'ardship *n.* (סטיו'-ארד-שיפ) דאס אמט פון א סטיוארד [פערוואלטער, הויז־פערוואלטער, עקאנאם אדער פראוויאנט־מייסטער].

stew in one's own grease (סטיו

אין הוואנז און גריעס) זיך באדען אין שוויים, אבגעהן מיט שוויים.

stew'-pan *n.* (סטיו'-פען) א דעמפף=פאן, א שמאר=פאן [צום שמארען אדער דעמפפען שפייזען].

stew'-pond *n.* (סטיו'-פאנד) א סאזשעלקע, א פיש=טייכעל.

stew'-pot *n.* (סטיו'-פאט) א שמאר=טאפ, א דעמפף=טאפ.

stews *n.* (סטיוז) א בארדעל, אן אונאנשטענדיג הויז.

stheni'a *n.* (סטהע-נאי'-א) אין פאטאלאגיע — אן אונגעהויערע קראפט אדער ענערגיע [ווי עס צייגט זיך ארויס אין געוויסע קראנקהייטען].

sthen'ic *a.* (סטהענ'-איק) שטארק, קרעפטיג, ענערגיש; אויפרייצענד [וועגען א געפיהל]; אין פאטאלאגיע — וואס ווערט בעגלייט מיט א צו שטארקער ענערגיע [וועגען געוויסע קרענקליכע צושטענדע].

stib'ial *a.* (סטיב'-אי-על) אנטימאניש; וואס האט די אייגענשאפטען פון אנטימאניום. ז. *antimony*.

stib'ialism *n.* (סטיב'-אי-על-איזם) פער'שכור'ונג אדער פערגיפטונג מיט אנטימאניום. ז. *antimony*.

stib'ium *n.* (סטיב'-אי-אם) אנטימאניום. ז. *antimony*.

stib'ogram *n.* (סטיב'-א-גרעם) א צייכנונג פון פיס=שפורען.

stich *n.* (סטיק) א פסוק פון תנ"ך; אן איינצעלנער פערז; א שורה פון א ליעד אדער געדיכט; א שורה, א רייה [ווי פון בוימער].

stich'ic *a.* (סטיק'-איק) וואס בעשטעהט איבעראל פון דיעזעלבע פערזען [וועגען א געדיכט]; וואס איז שייך צו א פערז אדער פסוק.

stich'omancy *n.* (סטיק'-א-מענ-סי) דאס טרעפען אדער נביאות זאגען דורך איינצעלנע פסוקים פון א בוך, וועלכע מען נעהמט ארויס אהן א סדר.

stichomet'rical *a.* (סטיק-א-מעט'-רי-קעל) סטיכאמעטריש; שורות=צעהלענד, פערזען=צעהלענד. ז. *stichometry*.

stichom'etry *n.* (סטי-קאמ'-ע-טרי) סטיכאמעטריע, פערזען=צעהלונג; אן אויסגאבע פון תנ"ך מיט אן אנווייזונג פון דער צאהל פסוקים וואס געפינען זיך אין יעדען ספר.

stick *v. and n.* (סטיק) שטעכען, דורכשטעכען; אריינשטעקען; ארויפשטעכען; שטעקען, זיין אריינגעשטעקט; זיין אריינגעשטאכען; צוקלעפען [ווי א פאסטמארקע צו א בריעף]; שטעלען אין פערלעגענהייט; אבנארען, בעשווינדלען, בעטריגען; שלאגען א קארט [אין קארטענשפיעל]; זיין צוגעקלעפט, זיין בעהעפט; האלטען זיך אן עפעס, ניט אוועקגעהן, ניט אבטרעטען; בלייבען טריי [אין פריינדשאפט, אין ליעבע]; זיין פערהאלטען, זיך אבשטעלען; זיין אין פערלעגענהייט; זיך אבשטעלען, זיין אונענטשלאסען; אריינשטעקען שטעקענס אין א בייט, אויף וועלכע קלעטערענדע פלאנצען [ווי בעבלעך] וויקלען זיך; אין דרוקעריי — אנזעצען שריפט; א שטאך; צוקלעפונג; אנהענגליכקייט; פערלעגענהייט; אן אבשטעל; א שטילשטאנד; א שטעקען; א פלעקעל; א שפאציר=שטאק; עפעס וואס האט די פארם פון א שטעקעל [ווי א לאנגע צוקערקע]; דאס שטעקעל פון סמיק; דאס שטעקעל פון א פויק=קלאפער; דאס וואס איז אנגעזעצט אויף א שטעקעל; א פלאקען, א נאר; א ווינקעל=האקען [ז. *composing-stick*].

stick and stone (סטיק ענד סטאון) אלץ מיט איינאנדער; יעדע זאך.

stick a pin there (סטיק ע פין טהעהר) זיך עפעס פערצייכנען, זיך גוט נעהמען אין זינען, זיך פערשרייבען עפעס.

stick at (סטיק עט) זיך ניט אבשטעלען פאר עפעס, זיך ניט לאזען הינדערען.

stick at it (סטיק עט איט) אנהאלטען; ניט אבטרעטען אין דערגרייכען א זאך, ניט קוקענדיג אויף קיינע שטערונגען.

stick'-bug *n.* (סטיק'-באג) ז. *spider-bug*.

stick by (סטיק באי) 1. זיין שטארק צוגעבונדען, זיין טריי; 2. פערבלייבען, זיך האלטען.

2. Ill-gotten gains never **stick by** a man.

stick'er *n.* (סטיק'-ער) א שטעכער, איינער אדער עפעס וואס שטעכט; א חזירים=קוילער; דער הארפון=שטאנג [ארויסצוציהען פיש פון וואסער]; א שארפע בעמערקונג אדער פראגע, וואס ווערט ארויסגעזאגט מיט דעם ציעל צו שטעלען דעם געגנער אין א פערלעגענהייט און איינשטילען איהם; א צוקלעפער; איינער אדער עפעס וואס איז אנגעקלעפט, האלט זיך שטייף אן אימעצען אדער עפעס; א סחורה וואס בלייבט ביים קרעמער און ווערט ניט פערקויפט.

stick'ful *n.* (סטיק'-פול) אין דרוקעריי — אזוי פיעל שריפט=זאץ, וויפיעל עס קען זיך אויסשטעלען אין ווינקעל=האקען. ז. *composing-stick*.

stick'-han'dle *n.* (סטיק'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א שפאציר=שטאק, א גאלקע.

stick'iness *n.* (סטיק'-אי-נעס) קלעפיגקייט.

stick'ing *n.* (סטיק'-אינג) דאס שטעכען; דאס האפטען; נאדעל=ארבייט; דאס קלעפען; דאס אבשטעלען זיך; דאס האלטען זיך.

stick'ing-place *n.* (סטיק'-אינג-פליים) דער האלט=פונקט; דאס ארט וואו עפעס שטעלט זיך אב.

stick'ing-plas'ter *n.* (סטיק'-אינג-פלעס'-טער) א קלעפיגער פלאסטער צו בעדעקען קליינע וואונדען.

stick'ing-point *n.* (סטיק'-אינג-פאינט) ז. *sticking-place*.

stick'-in-the-mud' *n.* (סטיק'-אינ-טהי-מאד') א מענש פון דער אלטער וועלט, איינער וואס האלט זיך אן די אלטע אבגעלעבטע מנהגים; א קריכער, א לאנגזאמער מענש; א גארנישט.

stick'le *v.* (סטיקל) אננעהמען איינעמס צד אין א ויכוח אדער דיספוט; העפטיג שטרייטען וועגען אן אונבעדייטענדער זאך; זיך ווארפען צווישען צוויי זייטען.

stick'leback *n.* (סטיק'ל-בעק) דער שטיכלינג [א זא פיש מיט שארפע שטאכלען אויף'ן רוקען. דיעזער פיש בויט א ספעציעלע נעסט, וואו ער ווארפט אב די רויגען אדער איקרע].

Stickleback

stick'ler *n.* (סטיק'-לער) א העפטיגער שטרייטער פאר עפעס [איבערהויפט פאר אן אונבעדייטענדער זאך]; א פערטיידיגער; אן עדות ביי א דועל, א סעקונדאנט.

stick'ling *n.* (סטיק'-לינג) ז. *stickleback*.

stick one's self up (סטיק הוואנז סעלף אפ) זיך ארויסשטעלען; זיך ארויסווייזען אלס א וויכטיגע פערזאן.

stick out (סטיק אוט) לאזען ארויסשטעקען; ארויסשטארצען; ניט נאכגעבען, אויסהאלטען.

stick pigs (סטיק פיגז) געהן אין געיעג אויף ווילדע חזירים מיט א פיקע אדער שפיען.

stick to (סטיק טו) האלטען זיך פעסט אן עפעס; זיין טריי צו אימעצען אדער עפעס.

stickto'itive *a.* (סטיק-טוה'-אי-טיוו) פעסט בעשטעהענד; וואס בעשטעהט אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט.

stickto'itiveness *n.* (סטיק-טוה'-אי-טיוו-נעס) דאס בעשטעהן אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט.

stick to the point (סטיק טו טהי פאינט) זיך האלטען ביים ענין, ניט אוועקגעהן פון דער טעמא.

stick up (סטיק אפ) שטעהן אין דער הויך; שטעקען ארויף.

stick up for (סטיק אפ פאר) רעדען פאר אימעצען; פערטיידיגען עפעס.

He **sticks up for** his friends.

stick'y *a.* (סטיק'-אי) קלעפיג, קלעפעדיג; נאס, פייכט; ווי א שטעקען; שטייף, ניט בויגזאם.

stiff *a., n. and v.* (סטיף) שטייף, הארט, ניט בויגזאם; געדיכט; צוזאמענגעפרעסט, צונויפגעקרעמפעוועט; פערדרעהט, פערצוקט [ווי א שווערער כתב וואס איז שווער צו לייענען]; ניט לייכט, ניט פליסיג [ווי א שווערע אויסשפראך אדער רעדע]; אנגעצויגען, פארמאליסטיש, צערעמאניש; שטארק [ווי א שטארקער ווינד, א שטארקער געטראנק]; הארטנעקיג, איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט; וואס איז שווער איבערצוטראגען [ווי א שלעכטע בשורה]; זעהר שווער; פעסט [וועגען פרייזען]; טויט; א טויטער מענש, א בר מנן; אין קאמערץ — וועקסלען וואס מען קען פערקויפען אדער דיסקאנטירען; געפעלשטע פאפיערען [אויף גנב'ישען לשון]; שטייף ווערען, הארט ווערען; זיין אונבויגזאם, ניט נאכגעביג.

stiff'-borne *a.* (סטיפ'-באורן) וואס איז דורכגעפיהרט געווארען מיט איינגעשפארטקייט, מיט עקשנות.

stiff'en *v.* (סטיפן) שטייף מאכען; מאכען אונבויגזאם; מאכען הארטנעקיג; ווערען שטייף; ווערען הארט; ווערען הארטנעקיג.

stiff'ener *n.* (סטיפ'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שטייף; א שטייפער שטאף [ווי שטייף=לייווענד, שטייף צו מאכען געוויסע טיילען פון קליידער]; א זארט שטייפעס פאפיער מיט וועלכען איינבינדער בעקלעפען די אינווענייגסטע זייט פון די טאוולען פון ביכער, כדי זיי שטייפער צו מאכען.

stiff'ening *n.* (סטיפ'-נינג) דאס שטייף מאכען; עפעס וואס ווערט בענוצט צו מאכען שטייף [ווי קראכמאל אין וועש]; עפעס וואס ווערט אריינגעשטעלט צו מאכען די זאך שטייפער [ווי א שטיקעל הארטער צייג וואס ווערט אריינגעשטעלט אין געוויסע טיילען פון א בגד].

stiff'-hear'ted *a.* (סטיפ'-האר'-טעד) הארט=הערציג, הארטנעקיג.

stiff'ly *adv.* (סטיפ'-לי) אויף א שטייפען, פעסטען אדער הארטען שטייגער.

stiff neck (סטיף נעק) א האַרטער נאַקען, אַן עקשן.

stiff'-neck *n.* (סטיפ'-נעק) פערשטייפונג פון נאַקען, קרעמפּס אין נאַקען.

stiff'-necked *a.* (סטיפ'-נעקט) האַרט־נעקיג.

stiff'-neck'edness *n.* (סטיפ'-נעק'-עד-נעס) האַרטנעקיגקייט.

stiff'ness *n.* (סטיפ'-נעס) שטייפקייט; האַרטנעקיגקייט; אַנגעצויגענקייט.

stiff'-starched *a.* (סטיפ'-סטאַרטשט) שטייף געקראַכמאַלט; שטייף.

stiff with cold (סטיף הוויטה קאָולד) פערהאַרטעוועט אָדער פערשטאַרט פון קעלט.

stiff with hor'ror (סטיף הוויטה האָר'-אָר) פערשטאַרט פון שרעק.

sti'fle *v. and n.* (סטאַיפל) דערשטיקען, אונטערדריקען, פערשטיקען, דערשטיקט ווערען; דאַס קניע־שיסעלע פון אַ פערד [דער שיסעל־פערמיגער פאַדער־ביין פון דער קניע]; אַ קראַנקהייט פון דעם קניע־שיסעלע.

sti'fle'-bone *n.* (סטאַי'פל-באָון) דאָס קניע־שיסעלע פון אַ פערד [דער שיסעל־פערמיגער פאַדער־ביין פון דער קניע].

sti'fled *a.* (סטאַיפלד) וואָס ליידעט פון אַ וועהטאַג און קניע־שיסעלע. ז. *stifle-bone*.

sti'fle-joint *n.* (סטאַי'פל-דזשאָינט) דער קניע־געלענק ביי אַ פערד.

sti'fling *a.* (סטאַי'-פלינג) שטיקענד, דריקענד.

stig'ma *n.* (סטיג'-מאַ) אַ בראַנד־מאַרק, אַ בראַנד־צייכען; אַ שאַנד־פלעק; אַ פלעק אויף'ן לייב, אַ געבאָרענער צייכען; אַן אָטעמונגס־לעכעל ביי אַן אינזעקט; אין באָטאַניק — די נאַרבע, דאָס אויבערשטע עפנונגס־לעכעל פון פּיסטיל [דער ווייבליכער געשלעכטס־אָרגאַן] ביי אַ פלאַנצע [ז. איל.]; אַ בלוט־פלעק [ז. *stigmata*].

Stigma

subjec'tive *a.* (סאב-דזשעק׳-טיוו) סוביעקטיוו; וואס איז שייך צום סוביעקט אדער דענקענדען "איך"; וואס ענטשטעהט אדער קומט פאר אין דעם אינערליכען בעוואוסטזיין פון דער פערזאן; וואס אורטיילט מעהר אויף דעם גרונד פון אייגענע געפיהלען אדער איבערלעבונגען איידער אויף דעם גרונד פון ריכטיגע אביעקטיווע פאקטען; אין ליטעראטור און קונסט—וואס דריקט אוים די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען אדער די פערזענליכע סימפאטיען און אנטיפאטיען פון א שרייבער אדער קינסטלער.

subjec'tive col'ors (סאב-דזשעק׳-טיוו קאל׳-ארז) ז. *accidental colors*.

subjec'tive ide'alism (סאב-דזשעק׳-טיוו אי-די׳-על-איזם) דער סוביעקטיווער אידעאליזם [די פילאזאפישע לעהרע, אז די אביעקטיווע אדער אויסערליכע וועלט, דער "ניט־איך", שטאמט ארוים פון דעם דענקענדען סוביעקט, פון דעם "איך"].

subjec'tively *adv.* (סאב-דזשעק׳-טיוו-לי) אויף א סוביעקטיווען שטייגער; אויסדריקענדיג צו שטארק די פערזענליכע סימפאטיען אדער אנטיפאטיען; בנוגע צום סוביעקט אדער דענקענדען "איך".

subjec'tiveness *n.* (סאב-דזשעק׳-טיוו-נעס) דאס זיין סוביעקטיוו; סוביעקטיוויטעט. ז. *subjectivity*.

subjec'tive sensa'tion (סאב-דזשעק׳-טיוו סענ-סיי׳-שאן) א סוביעקטיווע עמפפינדונג, אן עמפפינדונג, וואס איז ניט ענטשטאנען צוליעב אן אויסערליכער אורזאך [ווי למשל, ווען א מענש שטעלט זיך פאר, אז ער זעהט געוויסע פיגורען, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט ניטא].

subjec'tive symp'toms (סאב-דזשעק׳-טיוו סימפ׳-טאמז) אין פאטאלאגיע — סימפטאמען אדער סמנים פון א קראנקהייט וועלכע נור דער פאציענט פיהלט אין זיך, אבער זיי ווייזען זיך ניט ארוים פאר אן אנדער בעאבאכטער.

subjec'tivism *n.* (סאב-דזשעק׳-טיוו-איזם) סוביעקטיוויזם, די פילאזאפישע לעהרע, אז יעדע וואהרהייט איז סוביעקטיוו, ד. ה. זי איז ריכטיג בלויז אין בעצוג צו אונזער אייגענער ערפאהרונג אדער פערשטאנד.

subjec'tivist *n. and a.* (סאב-דזשעק׳-טיוו-איסט) א סוביעקטיוויסט, אן אנהענגער פון סוביעקטיוויזם; סוביעקטיוויסטיש, וואס איז שייך צו סוביעקטיוויזם. ז. *subjectivism*.

subjectivis'tic *a.* (סאב-דזשעק-טי-וויס׳-טיק) סוביעקטיוויסטיש; וואס איז שייך צו סוביעקטיוויזם. ז. *subjectivism*.

subjectivis'tically *adv.* (סאב-דזשעק-טי-וויס׳-טי-קעל-אי) פון א סוביעקטיוויסטישען שטאנדפונקט; בנוגע צו סוביעקטיוויזם. ז. *subjectivism*.

subjectiv'ity *n.* (סאב-דזשעק-טיוו׳-אי-טי) סוביעקטיוויטעט, די בעזונדערהייטען וואס בעלאנגען צו אן איינצעלנער פערזאן [איהר שטאנדפונקט, איהרע אידעען, איהרע שטרעבונגען]; דאס ניט האבען קיין אביעקטיווע ווירקליכקייט; פערבלענדונג [ווי פונקען וואס פליהען פאר די אויגען ביי א שטארקען קלאפ אין קאפ].

subjec'tivize *v.* (סאב-דזשעק׳-טי-וואיז) מאכען סוביעקטיוו; מאכען אלס א פערזענליכע אנגעהעריגקייט פון דענקענדען "איך".

sub'jectless *a.* (סאב׳-דזשעקט-לעס) וואס האט ניט קיין אונטערטאן אדער אונטערטאנען.

sub'ject-mat'ter *n.* (סאב׳-דזשעקט-מעט׳-ער) דער געגענשטאנד אדער די זאך וואס איז אין בעטראכט; דאס וואס פאדערט בעטראכטונג אדער איבערלעגונג; דער הויפט־אינהאלט פון א זאך.

sub'jectness *n.* (סאב׳-דזשעקט-נעס) אונטערווארפענהייט; דאס זיין אן אונטערטאן.

subjicibil'ity *n.* (סאב-דזשים-אי-ביל׳-אי-טי) דאס קענען ווערען א סוביעקט אין א זאץ. ז. *subject*.

subjic'ible *a.* (סאב-דזשים׳-איבל) וואס קען ווערען דער סוביעקט פון א זאץ. ז. *subject*.

subjoin' *v.* (סאב-דזשאין׳) צוגעבען, צוזעצען [אין א שריפט]; אנהענגען, ביילעגען; צושטעלען.

sub ju'dice (סאב דזשוה׳-די-סי) אונטער געריכטליכער פערהאנדלונג, נאך ניט געריכטליך ענטשיידעט.

sub'jugable *a.* (סאב׳-דזשו-געבל) אונטעריאכבאר; וואס מען קען אונטערווארפען אדער אונטעריאכען.

sub'jugate *v.* (סאב׳-דזשו-גייט) אונטערווארפען, אונטעריאכען; גובר זיין, אונטערדריקען [די תאוות, די געפיהלען].

subjuga'tion *n.* (סאב-דזשו-גיי׳-שאן) די אונטערווארפונג, די אונטעריאכונג.

sub'jugator *n.* (סאב׳-דזשו-גיי-טאר) אן אונטערווארפער, אן אונטערדריקער; א בעזיעגער.

subjunc'tion *n.* (סאב-דזשאנק׳-שאן) די צוגעבונג, די צולעגונג, די צוזעצונג [צו א זאץ אדער שריפט].

subjunc'tive *a. and n.* (סאב-דזשאנק׳-טיוו) אין גראמאטיק — קאניונקטיוו, וואס דריקט אוים א בעדינג אדער תנאי; דער קאניונקטיוו. ז. *subjunctive mood*.

subjunc'tive mood (סאב-דזשאנק׳-טיוו מוהד) אין גראמאטיק—דער קאניונקטיווער מאדוס אדער דער קאניונקטיוו [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אוים א בעדינגונג אדער תנאי, ווי למשל: "איך וואלט געטהאן דיין בקשה, ווען איך וואלט געהאט די מעגליכקייט"].

sub'kingdom *n.* (סאב׳-קינג-דאם) איי־

נע פון די הויפט=אבטיילונגען פון דעם טהיער=רייך אדער פלאנצען=רייך.

subla'nate *a.* (סאב-ליי'-נייט) עטוואס וואליג, ווי מיט וואל בעוואקסען [וועגען פלאנצען].

sublapsa'rianism *n.* (סאב-לעפ-סיי'-רי-ען-איזם) ז. *infralapsarianism*.

sublate' *v.* (סאב-לייט') אין לאגיק — אבלייקענען, פערניינען, אנולירען.

subla'tion *n.* (סאב-ליי'-שאן) אין לאגיק — דאס אנולירען, דאס פערניינען.

sub'lative *a.* (סאב'-לע-טיוו) וואס איז געניינגט אוועקצונעהמען אדער בערויבען.

sub'lease *n.* (סאב'-ליעס) אן ארענדע-קאנטראקט, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אליין אן ארענדאר.

sublease' *v.* (סאב-ליעס') פערדינגען א געדונגענעם הויז; אבגעבען אין ארענדע צו אן אנדערען דאס, וואס איז גענומען געווארען אין ארענדע.

sub'lessee *n.* (סאב'-לע-סיע) איינער וואס נעהמט אין ארענדע א הויז אדער א גוט פון אן אנדערען, וועלכער האלט עס אין ארענדע.

sublet' *v.* (סאב-לעט') פערדינגען ווייטער [ווי א שכן פערדינגט א וואהנונג צו אן אנדערען].

sub'levate *n.* (סאב'-לי-ווייט) דערהויבונג, אויפהויבונג; אויפרייצונג.

subleva'tion *n.* (סאב-לי-וויי'-שאן) די ערהויבונג [צו א העכערער שטופע]; אן אויפשטאנד [פון א פאלק].

sub'lieutenant *n.* (סאב'-ליו-טענ-ענט) אן אונטער=לייטענאנט [א נידריגערער אפיציער=ראנג. אין דער ענגלישער פלאטע].

subliga'tion *n.* (סאב-לי-גיי'-שאן) די אונטערבינדונג, דאס פערבינדען פון אונטען.

subli'mable *a.* (סאב-לאי'-מעבל) אין כעמיע — וואס קען סובלימירט ווערען; וואס קען געלייטערט ווערען [וועגען הארטע שטאפען]. ז. *sublimation*.

subli'mableness *n.* (סאב-לאי'-מעבל-נעס) סובלימירבארקייט, דאס קענען סובלימירט ווערען. ז. *sublimation*.

sub'limate *v., a. and n.* (סאב'-לי-מייט) אין כעמיע — סובלימירען, פערוואנדלען א סאלידען קערפער אין דאמפף און דיעזען דאמפף דורך אבקיהלונג פערוואנדלען צוריק אין הארטען אדער סאלידען שטאף, כדי דער קערפער זאל אבגעריינינגט ווערען פון די פסלת; פערפיינערען, רייניגען, ערהויבען, אידעאליזירען; סובלימירט; געריינינגט, פערפיינערט; ערהויבען; א סובלימאט, עפעס וואס בעקומט זיך דורך סובלימירען.

sublima'tion *n.* (סאב-לי-מיי'-שאן) אין כעמיע — סובלימאציאן [א פראצעס אבצוריינינגען א סאלידען קערפער פון פסלת, ביי וועלכען דער קערפער ווערט פערוואנדעלט דורך היץ אין דאמפף, און דיעזער דאמפף ווערט דורך אבקיהלונג צוריק פערוואנדעלט אין הארטען שטאף]; די פערפיינערונג, די רייניגונג; זעהר א פיינע געריינינגטע זאך.

sublima'tion the'ory (סאב-לי-מיי'-שאן טהי'-א-רי) אין געאלאגיע — די סובלימאציאנס=טעאריע [די טעאריע, אז די מעטאל=אדערען אין דער ערד האבען זיך געבילדעט פון אבגעקיהלטען מעטאל=דאמפף וואס שטראמט פון די צושמאלצענע מינעראל=מאסען אינוועניג אין דער ערד].

sub'limatory *a. and n.* (סאב'-לי-מיי-טא-רי) וואס סובלימירט; וואס ווערט בענוצט אין סובלימאציאן; דאס סובלימיר=געפעס, א כלי פאר סובלימאציאן. ז. *sublimation*.

sublime' *a., n. and v.* (סאב-לאים') דערהויבען, הויך; פראמינענט, אנגעזעהן, עמינענט; גרויסארטיג, פרעכטיג, פיין, הערליך, נאבעל; ערהאבען, הויכמוטיג, שטאלץ; אין אנאטאמיע — ארויסשטארצענד, בולט; דאס ערהאבענע; דאס אויסגעצייכענטע, דער ערהאבענער סטיל [אין רעדען אדער שרייבען]; דערהויבען; מאכען הויך אדער אנגעזעהן; רייניגען, פערפיינערען, אידעאליזירען; אין כעמיע — סובלימירט ווערען, דורכגעהן דעם פראצעס פון סובלימאציאן. ז. *sublimation*.

sublime'ly *adv.* (סאב-לאים'-לי) אויף אן ערהאבענער ארט.

sublime'ness *n.* (סאב-לאים'-נעס) ערהאבענקייט, הויכקייט, אויסגעצייכענטקייט, פארטרעפליכקייט.

Sublime' Porte (סאב-לאים' פאורט) די הויכע פארטע [די טערקישע רעגיערונג].

subli'mer *n.* (סאב-לאי'-מער) א סובלימער, אן אפאראט, דורך וועלכען עס ווערט געמאכט דער פראצעס פון סובלימאציאן. ז. *sublimation*.

sublim'inal *a.* (סאב-לים'-אי-נעל) פערבארגען, ניט ארויסגעבראכט [וועגען אן עמפפינדונג, וועלכע איז ניט אריין אין בעוואוסטזיין].

sublim'ity *n.* (סאב-לים'-אי-טי) ערהאבענקייט, גרויסארטיגקייט, פיינקייט; גרויסקייט, מאיעסטעטישקייט; דער העכסטער פונקט פון דערגרייכונג; דער אדער דאס וואס איז זעהר געאכטעט.

sublinea'tion *n.* (סאב-לינ-אי-איי'-שאן) דאס מאכען א שטריך פון אונטען [אונטער א ווארט]; דאס אונטערשטרייכען.

sublin'gual *a.* (סאב-לינ'-גהוועל) וואס געפינט זיך אונטער דער צונג.

sublit'toral *a.* (סאב-ליט'-א-רעל) וואס לעבען אונטער'ן ברעג אדער נידריגער פון דער ברעג=ליניע [וועגען וואסער=בעשעפענישען]; וואס האלטען זיך ביים ברעג.

sublu'nar *a.* (סאב-לו'-נאר) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה.

sub'lunary *a.* (סאב'-לו-נע-רי) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה; ערדיש, וועלטליך.

sublux'ate *v.* (סאב-לאק'-סייט) טיילווייז אויסלינקען.

subluxa'tion *n.* (סאב-לאק-סיי'-שאן) א טיילווייזער לונק.

submam'mary *a.* (סאב-מעמ'-ע-רי) וואס ליעגט אונטער דער ברוסט. ז. *inframammary*.

sub'manufacturer *n.* (סאב'-מענ-יו-פעק-טשור-ער) א פאבריקאנט וואס פאבריצירט סחורה פאר אן אנדער פאבריקאנט.

submarine' *a. and n.* (סאב-מע-רין') אונטער'ן מעער, אונטער'ן וואסער; וואס געפינט זיך אדער וואס האלט זיך אונטער'ן וואסער; א טהיער אדער פלאנצע וואס געפינט זיך אונטער'ן וואסער; א שיף וואס געהט אונטער'ן וואסער. ז. *submarine boat*.

submarine' boat (סאב-מע-רין' באוט) א שיף, וואס איז אזוי געבויט, דאס זי קען געהן אונטער'ן וואסער [ווערט געברויכט אין א פלאטע ארויסצולאזען מינען אונטער דעם שונא'ס קריעגס=שיפען].

Submarine Boat

submarine' plants (סאב-מע-רין' פלענטס) פלאנצען וואס וואקסען אין ים אדער אונטער'ן וואסער.

submaxil'la *n.* (סאב-מעק-סיל'-א) דער אונטערשטער קינבאק.

submax'illary *n. and a.* (סאב-מעק'-סי-לע-רי) דער אונטערשטער קינבאק; וואס איז שייך צום אונטערשטען קינבאק=ביין.

submax'illary gland (סאב-מעק'-סי-לע-רי גלענד) די דריזע אונטער דעם אונטערשטען קינבאק, וועלכע טיילט אויס פון זיך שפייעכץ.

subme'dial *a.* (סאב-מי'-די-על) ז. *submedian*.

subme'dian *a.* (סאב-מי'-די-ען) וואס ליעגט ביים מיטען פון עפעס.

subme'diant *n.* (סאב-מי'-די-ענט) אין מוזיק — די אונטערמעדיאנטע [די זעקסטע נאטע פון א גאמע אדער סקאלא].

submen'tal *a.* (סאב-מענ'-טעל) וואס געפינט זיך אונטער דער מארדע אדער קין.

submerge' *v.* (סאב-מוירדזש') פערפלייצען, פערטרינקען; אונטערטונקען, אונטערטויכען.

submer'gence *n.* (סאב-מויר'-דזשענס) דאס אונטערטונקען אדער אונטערטויכען; א פערפלייצונג.

submersed' *a.* (סאב-מוירסט') אין באטאניק — וואס וואקסט אונטער'ן וואסער [וועגען געוויסע פלאנצען].

submer'sion *n.* (סאב-מויר'-שאן) דאס אונטערטונקען, דאס אונטערטויכען.

submetal'lic *a.* (סאב-מע-טעל'-איק) ניט פאלקאם מעטאליש.

submis'sion *n.* (סאב-מיש'-אן) אונטערווארפונג, דעמיטהיגקייט; אונטערטעניגקייט; הכנעה; געהארכזאמקייט; אין געזעצגעבונג — אן איינשטימונג פון צוויי שטרייטענדע צדדים איבערצוגעבען זייער שטרייט=פראגע צו בוררים אדער צו א פשרה=געריכט.

submiss'ive *a.* (סאב-מיס'-איוו) אונטערטעניג, געהארכזאם, אונטערגעווארפען; דעמיטהיג, הכנעה'דיג.

submiss'ively *adv.* (סאב-מיס'-איוו-לי) אויף אן אונטערטעניגען אדער הכנעה'דיגען שטייגער.

submiss'iveness *n.* (סאב-מיס'-איוו-נעס) אונטערטעניגקייט, אונטערווארפענקייט; געהארכזאמקייט, הכנעה'דיגקייט.

submit' *v.* (סאב-מיט') אונטערווארפען, אונטערגעבען; פארלעגען [צום ענטשיידען]; זיך אונטערגעבען, זיך אונטערווארפען; ערקלערען.

submit'ter *n.* (סאב-מיט'-ער) איינער וואס גיט זיך אונטער; א נאכגעבער; איינער וואס אונטערווארפט זיך; איינער וואס גיט איבער צום ענטשיידען [א פראגע, א שטרייט א. ז. וו.].

submontagne' *a.* (סאב-מאנ-טיין') ז. *submontane*.

submon'tane *a.* (סאב-מאנ'-טיין) וואס איז ביים אונטער=טייל פון א בארג.

submul'tiple *n.* and *a.* (סאב-מאל'-טיפל) א צאהל, אויף וועלכער אן אנדער צאהל טיילט זיך אהן אן רעשט [ווי למשל, די צאהל 7, אויף וועלכער 28 טיילט זיך אהן א רעשט]; וואס טיילט אן אנדער צאהל אהן א רעשט [וועגען א צאהל].

submun'dane *a.* (סאב-מאנ'-דיין) וואס געפינט זיך אונטער דער וועלט; אונטערערדיש.

submus'cular *a.* (סאב-מאס'-קיו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער א מוסקול.

subnarcot'ic *a.* (סאב-נאר-קאט'-איק) עטוואס נארקאטיש, בעטויבענד אדער איינשלעפערענד.

subna'sal *a.* (סאב-ניי'-זעל) וואס געפינט זיך אונטער דער נאז.

subnas'cent *a.* (סאב-נעס'-ענט) וואס וואקסט פון אונטען; וואס וואקסט אונטער עפעס.

subnat'ural *a.* (סאב-נעטש'-יו-רעל) אונטער-נאטירליך; נידריגער ווי דער חומר.

subni'trate *n.* (סאב-נאי'-טרייט) אין כעמיע — א באזישער ניטראט [ניט קיין פאלקאמענער ניטראט, וואס קען אין זיך אריינזאפען נאך סאלפעטער-זויערע, אום צו ווערען א נארמאלער ניטראט]. ז. *nitrate*.

subnor'mal *a.* (סאב-נאהר'-מעל) ווענינגער ווי נארמאל; אין מאטעמאטיק — אבגעשניטען דורך א פערפענדיקולארער ליניע.

subnormal'ity *n.* (סאב-נאהר-מעל'-אי-טי) דאס זיין אונטער-נארמאל אדער ווענינגער ווי נארמאל.

subnota'tion *n.* (סאב-נא-טיי'-שאן) א רעסקריפט, א בריעפליכער ענטפער פון א פאפסט אדער פירסט. ז. *rescript*.

subnude' *a.* (סאב-ניוד') כמעט נאקעט, כמעט אהן בלעטער [וועגען פלאנצען].

subobscure' *a.* (סאב-אב-סקיור') עטוואס דונקעל, עטוואס פינסטער.

subobscure'ly *adv.* (סאב-אב-סקיור'-לי) פינסטערליך, עטוואס דונקעל.

subobtuse' *a.* (סאב-אב-טיוס') עטוואס טעמפ, ניט זעהר שפיציג.

suboccip'ital *a.* (סאב-אק-סיפ'-אי-טעל) וואס ליעגט אונטער דעם הינטער-טייל פון קאפ; וואס ליעגט אונטער דער פאטילניצע.

subocean'ic *a.* (סאב-או-שי-ענ'-איק) וואס ליעגט אדער געפינט זיך אונטער'ן אקעאן.

sub'octave *n.* (סאב'-אק-טייוו) אן אכטעל; די אונטערשטע אקטאווע [אין מוזיק].

suboc'tuple *a.* (סאב-אק'-טיופל) וואס ענטהאלט אן אכטעל פון עפעס.

suboc'ular *a.* (סאב-אק'-יו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

subop'tic *a.* (סאב-אפ'-טיק) ז. *suborbitar*.

subo'ral *a.* (סאב-או'-רעל) וואס געפינט זיך אונטער'ן מויל.

suborbic'ular *a.* (סאב-אהר-ביק'-יו-לאר) עטוואס קרייזפערמיג; כמעט רונד.

suborbic'ulate *a.* (סאב-אהר-ביק'-יו-לייט) ז. *suborbicular*.

subor'bitar *a.* (סאב-אהר'-בי-טאר) וואס געפינט זיך אונטער'ן אויגען-לאך; וואס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

sub'order *n.* (סאב'-אהר-דער) אן אונטער-קלאס פון חיות אדער פלאנצען: די ערשטע טיילונג פון א קלאס אדער גאטונג; אין ארכיטעקטור — דעקאראציאנס-זיילען פון אן איינפאכערער פארם אין פערגלייך מיט די הויפט-זיילען.

subor'dinate *a.*, *n.* and *v.* (סאב-אהר'-די-נייט) אונטערגעארדענט, אונטערגעווארפען, אבהענגיג; קלענער, נידריגער [אין מאכט, אין ראנג א. ז. וו.]; אן אונטערגעארדענטער; אן אונטערגעארדענטעס ווארט [אין גראמאטיק]; איינער וואס איז נידריגער פאר'ן צווייטען אין אמט אדער ראנג; אונטערארדנען; מאכען אדער בעטראכטען אלס ווענינגער וויכטיג; אונטערווארפען אונטער איינעמס רשות אדער השגחה.

subor'dinately *adv.* (סאב-אהר'-די-נייט-לי) אויף אן אונטערגעווארפענעם, אבהענגיגען אדער אונטערגעארדענטען אופן.

subor'dinateness *n.* (סאב-אהר'-די-נייט-נעס) אונטערגעארדענטקייט; אבהענגיגקייט, אונטערווארפענקייט.

subordina'tion *n.* (סאב-אהר-די-ניי'-שאן) די אונטערארדנונג, די אבהענגיגקייט, די אונטערווארפענקייט; דאס זיין נידריגער אין אמט אדער ראנג.

subordina'tionism *n.* (סאב-אהר-די-ניי'-שאנ-איזם) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז די צווייטע און דריטע פערזאן פון דער דריי-איינינקייט, ד. ה. "גאט דער זוהן" און "גאט דער הייליגער גייסט" זיינען נידריגער איידער די ערשטע פערזאן "גאט דער פאטער".

subor'dinative *a.* (סאב-אהר'-די-ניי-טיוו) וואס אונטערארדענט; וואס ווארפט אונטער; וואס דריקט אויס אבהענגיגקייט; וואס איז ווילינג זיך צו אונטערווארפען.

suborn' *v.* (סאב-אהרן') פערשאפען אדער בעקומען עפעס אויף אן אונגעזעצליכען וועג; צורעדען איינעם צו בעגעהן אן אונגעזעצליכע טהאט.

suborna'tion *n.* (סאב-אהר-ניי'-שאן) דאס פערשאפען אדער קריעגען עפעס אויף אן אונגעזעצליכען וועג; דאס אנרעדען איינעם צו טהאן אן אונגעזעצליכע טהאט.

suborna'tion of per'jury (סאב-אהר-ניי'-שאן אוו פויר'-דזשו-רי) דאס אונטערקויפען אן עדות צו שווערען פאלש.

subor'ner *n.* (סאב-אהר'-נער) איינער וואס רעדט צו אן אנדערען צו אן אונגעזעצליכער טהאט; איינער וואס קויפט אונטער אן עדות צו שווערען פאלש.

subo'val *a.* (סאב-או'-וועל) עטוואס אוואל; כמעט איי-פערמיג.

subo'vate *a.* (סאב-או'-וייט) ביינאהע איי-פערמיג.

subo'void *a.* (סאב-או'-וואיד) ז. *subovate*.

subpar'allel *a.* (סאב-פער'-ע-לעל) כמעט פאראלעל.

subpedun'culate *a.* (סאב-פי-דאנ'-קיו-לייט) וואס האט א זעהר קורצען שטענגעל [וועגען פלאנצען]; וואס וואקסט פון א זעהר קורצען בלומען-שטענגעל.

subpellu'cid *a.* (סאב-פע-ליו'-סיד) כמעט דורכזיכטיג.

subpe'na *n.* and *v.* (סאב-פי'-נא) ז. *subpœna*.

subper'manent *a.* (סאב-פויר'-מע-נענט) כמעט פערמאנענט, וואס האלט אן פאר א לאנגער צייט אבער ווערט בים-לעכווייז שוואכער און שוואכער.

subpet'iolate *a.* (סאב-פעט'-אי-א-לייט) אין באטאניק — מיט א זעהר קורצען בלאט-שטענגעל.

subpœ'na *n.* and *v.* (סאב-פי'-נא) א פארלאדונג פאר'ן געריכט; א שריפטליכע אויפפאדערונג צו ערשיינען אין געריכט אדער צו אן אפיציעלען אונטערזוכונגס-קאמיטעט צו א בעשטימטער צייט; איבערגעבען א שריפטליכע אויפפאדערונג צו ערשיינען פאר'ן געריכט אדער פאר אן אפיציעלען אונטערזוכונגס-קאמיטעט.

subpo'lar *a.* (סאב-פאו'-לאר) אונטער דעם זיד- אדער נארד-פאל פון דער ערד; נאהענט צום פאל.

sub'prefect *n.* (סאב'-פרי-פעקט) אן אונטער-פרעפעקט, א געהילף פון א פרעפעקט. ז. *prefect*.

sub'principal *n.* (סאב'-פרינ-סי-פעל) אן אונטער-דירעקטאר [אין א שול].

sub'prior *n.* (סאב'-פראי-אר) אן אונטער-פריאר, א געהילף פון א פריאר [אויפזעהער פון א מאנאסטיר].

sub'purchaser *n.* (סאב'-פויר-טשע-סער) א קויפער פון צווייטער האנד, א קויפער וואס קויפט ביי אן אנדער קויפער.

subquad'rate *a.* (סאב-קהוואד'-רייט) כמעט קוואדראטיש, כמעט פיער-עקיג.

subquad'ruple *a.* (סאב-קהוואד'-רופל) וואס ענטהאלט א פיערטעל פון עפעס; אין דער פראפארציאן פון 1 צו 4.

subquin'tuple *a.* (סאב-קהווינ'-טיופל) וואס ענטהאלט א פינפטעל פון עפעס; אין דער פראפארציאן פון 1 צו 5.

subra'mose *a.* (סאב-ריי'-מאוס) אין באטאניק — עטוואס פערצווייגט; וואס האט א ביסעל צווייגלעך.

subra'mous *a.* (סאב-ריי'-מאס) ז. *subramose*.

sub'rector *n.* (סאב'-רעק-טאר) א סוב-רעקטאר, א געהילף פון א רעקטאר אין א שול אדער אוניווערזיטעט.

subrig'id *a.* (סאב-רידזש'-איד) עטוואס הארט אדער שטייף.

subri'sion *n.* (סאב-ריזש'-אן) דאס שמייכלען.

subri'sive *a.* (סאב-ראי'-סיוו) שמייכלענד.

sub'rogate *v.* (סאב'-רא-גייט) אוועקשטעלען אויף דעם פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; דאס אוועקשטעלען אנשטאט אימעצען אדער עפעס.

subroga'tion *n.* (סאב-רא-גיי'-שאן) דאס שטעלען אויף אימעצענס ארט; דאס אוועקשטעלען אנשטאט אימעצען אדער עפעס.

sub ro'sa (סאב ראו'-זא) פריוואט, ניט עפענטליך.

subsaline' *a.* (סאב-סע-לאין') שוואך געזאלצען.

sub'salt *n.* (סאב'-סאהלט) א באזישעס זאלץ [א זאלץ, וואו די זויערע איז ווענינגער ווי נארמאל].

subsat'urated *a.* (סאב-סעטש'-יו-ריי-טעד) ניט פאלשטענדיג אנגעזאפט.

subsatura'tion *n.* (סאב-סעטש-יו-ריי'-שאן) א ניט פאלשטענדיגע אנזאפונג.

subscap'ular *a.* and *n.* (סאב-סקעפ'-יו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער דעם אקסעל-ביין; א נערוו, אן אדער אדער מוסקול וואס געפינט זיך אונטער דעם אקסעל-ביין.

subscap'ulary *a.* (סאב-סקעפ'-יו-לע-רי) וואס געפינט זיך אונטער'ן אקסעל-ביין.

subscri'bable *a.* (סאב-סקראי'-בעבל) וואס מען קען זיך אונטער דעם אונטערשרייבען אדער זיך חתמנ'ען; וואס מען קען זיך דארויף אבאנירען.

subscribe' *v.* (סאב-סקראיב') 1. זיך אונטערשרייבען, זיך חתמנ'ען; 2. צושטימען, גיבען א צושטימונג; 3. ארויפשטע-

לען דעם נאמען אויף א סובסקריפציאנסליסטע, זיך פערפליכטען עפעס בייצושטייערען; ביישטייערען; 4. זיך אבאנירען, זיך פערפליכטען צו נעהמען [פעריאדישע אויסגאבען, ביכער אין א לייה־ביבליאטעק, אקציעס א. ז. וו.].

2. We can all **subscribe** to your good advice. 3. Let us each **subscribe** to the relief fund. 4. The firm **subscribed** for a large portion of the stock issue.

subscri'ber *n.* (סאב-סקראי'-בער) 1. אן אונטערצייכנער, אן אונטערשרייבער; 2. אן אבאנענט; 3. א ביישטייערער אויף א ליסטע [פון נדבות], א ביישטייערער.

2. He is one of the oldest **subscribers** of the weekly edition of the paper. 3. Mr. Brown was the largest **subscriber** to the hospital fund.

sub'script *a. and n.* (סאב'-סקריפט) געשריבען פון אונטען [ווי למשל, דער גריכישער בוכשטאב *i* וואס ווערט געשריבען אונטער אן אנדער בוכשטאב]; עטוואס וואס איז נעשריבען אונטען.

subscrip'tion *n.* (סאב-סקריפ'-שאן) אן אונטערשריפט; דאס אבאנעמענט [די פערפליכטונג צו נעהמען א צייטונג, א בוך א. ז. וו.]; א סובסקריפציאנס־סומע, א פערשפראכענע ביישטייערונג; א פערפליכטונג.

subscrip'tive *a.* (סאב-סקריפ'-טיוו) וואס איז שייך צו אן אונטערשריפט.

sub'section *n.* (סאב'-סעק-שאן) אן אונטער־אבטיילונג [א טייל פון אן אבטיילונג].

subsec'utive *a.* (סאב-סעק'-יו-טיוו) פאלגענד, נאכפאלגענד [אין רייה, אין ארדנונג].

subsel'lium *n.* (סאב-סעל'-אי-אם) א מין הייגענדער שטוהל [אין די פארצייטיגע קירכען]. ז. ***miserere***.

subsen'sible *a.* (סאב-סענ'-סיבל) וואס איז צו טיעף פאר די עמפפינדונגען; וואס איז צו טיעף מען זאל עס קענען בענעהמען מיט די חושים.

subsep'tuple *a.* (סאב-סעפ'-טיופל) וואס ענטהאלט א זיבענט־חלק, וואס איז א זיבענטעל.

sub'sequence *n.* (סאב'-סי-קהווענס) נאכפאלגונג; דאס נאכפאלגען; א נאכפאלגע.

sub'sequency *n.* (סאב'-סי-קהווענ-סי) ז. ***subsequence***.

sub'sequent *a.* (סאב'-סי-קהווענט) פאלגענד, נאכפאלגענד; שפעטערדיג; וואס קומט אלס פאלגע אדער אלס פועל יוצא.

sub'sequently *adv.* (סאב'-סי-קהווענט-לי) פאלגענדיג; נאכהער, שפעטער.

subse'rous *a.* (סאב-סי'-ראס) א ביסעל וואסערדיג; וואס געפינט זיך אונטער א סערום־הייטעל [ז. ***serum***].

subserve' *v.* (סאב-סורוו') דיענען [אין אן אונטערגעארדענטער שטעלונג]; זיין בעהילפליך; ווירקען פאר עפעס, ניצליך זיין פאר עפעס.

subser'vience *n.* (סאב-סויר'-ווי-ענס) ניצליכקייט, דיענליכקייט, בעהילפליכקייט, מיטווירקונג; דיענסטבארקייט, אונטערגעווארפענקייט.

subser'viency *n.* (סאב-סויר'-ווי-ענ-סי) ז. ***subservience***.

subser'vient *a.* (סאב-סויר'-ווי-ענט) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך, מיטווירקענד; אונטערגעווארפען.

subser'viently *adv.* (סאב-סויר'-ווי-ענט-לי) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך; מיט אונטערוואַרפענהייט.

subsesquial'terate *a.* (סאב-סעס-קהווי-על'-טער-אייט) וואס איז אין דער בעציהונג פון 2:3 אדער $\frac{2}{3}$.

subsesquiter'tial *a.* (סאב-סעס-קהווי-טויר'-שעל) וואס איז אין דער בעציהונג פון 3:4 אדער פון $\frac{3}{4}$.

subses'sile *a.* (סאב-סעס'-איל) ניט גאנץ דירעקט פערבונדען [וועגען קערפער־טיילען אדער פלאנצען־טיילען]. ז. ***sessile***.

subsex'tuple *a.* (סאב-סעקס'-טיופל) וואס ענטהאלט איין זעקסט־חלק, וואס איז אין דער בעציהונג פון 1 צו 6.

subside' *v.* (סאב-סאיד') 1. זינקען; פאלען; זיך אבזעצען [אין א פליסיגקייט]; 2. זיך בערוהיגען, זיך איינשטילען, אויפהערען, נאכלאזען.

2. The storm **subsided**.

sub'sidence *n.* (סאב'-סי-דענס) דאס פאלען, דאס זינקען, דאס אבזעצען זיך; בערוהיגונג, איינשטילונג, אויפהערונג, נאכלאזונג.

sub'sidency *n.* (סאב'-סי-דענ-סי) ז. ***subsidence***.

subsid'iarily *adv.* (סאב-סיד'-אי-ע-רי-לי) מיטהעלפענדיג, בעהילפליך.

subsid'iary *a. and n.* (סאב-סיד'-אי-ע-רי) 1. געהאלטען אין רעזערוו; 2. מיטהעלפענד, בעהילפליך; 3. צוגעגעבען, זייטיג, נעבענזעכליך; 4. וואס איז שייך צו א סובסידיע [ז. ***subsidy***]; 5. א מיטהעלפער, א ביישטייערער; 6. אן אונטערגעארדנעטער טייל פון א מוזיקאלישען ווערק.

1. The campaign halted for lack of **subsidiary** troops. 2. The ritual can only be **subsidiary** to the spirit of worship. 3. The Mississippi has many **subsidiary** streams.

subsid'iary quan'tity (סאב-סיד'-אי-ע-רי קהוואנ'-טי-טי) אין מאטעמאטיק — א זייטיגע צאהל, וואס ווערט אריינגעבראכט אום צו העלפען דער לעזונג פון א פראבלעם.

subsid'iary stream (סאב-סיד'-אי-ע-רי סטריעם) א נעבען־פלוס [א טייך וואס פאלט אריין אין אן אנדער טייך].

subsid'iary sym'bol (סאב-סיד'-אי-ע-רי סימ'-באל) אין מאטעמאטיק — א זייטיגער סימבאל אדער צייכען וואס ווערט אריינגעבראכט אום צו העלפען דער לעזונג פון א פראבלעם.

subsid'iary trea'ty (סאב-סיד'-אי-ע-רי טריע'-טי) א סובסידיע־אבמאך [אן אבמאך צווישען צוויי רעגיערונגען, אז איינע זאל צאהלען דער צווייטער א געוויסע סומע געלד אויף צו פיהרען מלחמה אדער פאר איהר נייטראליטעט].

subsid'iary troops (סאב-סיד'-אי-ע-רי טרוהפס) הילפס־טרופען [אן ארמעע וואס איין רעגיערונג דינגט ביי א צווייטער].

sub'sidise *v.* (סאב'-סי-דאיז) ז. ***subsidize***.

sub'sidize *v.* (סאב'-סי-דאיז) סובסידירען, געבען געלד־שטיצע; קויפען איינעמס הילף פאר געלד; אונטערקויפען.

sub'sidy *n.* (סאב'-סי-די) א סובסידיע [געלד־שטיצע; א סומע געלד וואס איין רעגיערונג צאהלט א צווייטער פאר איהר נייטראליטעט אדער אלס ביישטייערונג פאר מלחמה־אויסגאבען; געלד־שטיצע פון א רעגיערונג פאר פריוואט־אונטערנעהמער, ווי אייזענבאהן־געזעלשאפטען, שיפס־געזעלשאפטען א. ז. וו.].

subsist' *v.* (סאב-סיסט') עקזיסטירען; לעבען; זיך ערנעהרען; ערנעהרען, בעזארגען מיט חיונה; בעשטעהן פון...

subsis'tence *n.* (סאב-סיס'-טענס) עקזיסטענץ; דאס פארהאנדען זיין; אייגענטימליכקייט; דאס בעשטעהן פון..., בעשטאנד; ערנעהרונג, לעבענסמיטעל, פראוויאנט.

subsis'tence depart'ment (סאב-סיס'-טענס די-פארט'-מענט) דער פראוויאנט־דערפארטאמענט [דער דעפארטאמענט פון דער מיליטער־פערוואלטונג אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס פערזארגט די פראוויזיעס פאר דער ארמעע].

subsis'tence di'et (סאב-סיס'-טענס דאי'-עט) די קלענסטע מאס שפייז וואס איז נויטיג פאר'ן געזונד.

subsis'tence stores (סאב-סיס'-טענס סטאורז) מיליטער־פראוויאנטען.

subsis'tency *n.* (סאב-סיס'-טענ-סי) ז. ***subsistence***.

subsis'tent *a.* (סאב-סיס'-טענט) עקזיסטירענד; פארהאנדען; לעבענד; בעשטעהענד; אייגענטימליך.

subsisten'tial *a.* (סאב-סיס-טענ'-שעל) וואס איז שייך צו עקזיסטענץ; וואס איז שייך צו דער אייגענטימליכקייט; וואס איז שייך צו די געטליכע אייגענשאפטען.

subsis'ter *n.* (סאב-סיס'-טער) איינער וואס לעבט אדער ערנעהרט זיך; איינער וואס לעבט פון פרעמדע חסדים.

sub'sizar *n.* (סאב'-סאי-זאר) א סטודענט וואס איז נידריגער אין שטעלונג ווי א סיזאר. ז. ***sizar***.

sub'sizer *n.* (סאב'-סאי-זער) ז. ***subsizar***.

sub'soil *n. and v.* (סאב'-סאיל) דער אונטערגרונד, דער אונטער־באדען; אויפאקערען דעם אונטער־באדען, טיעף אקערען.

sub'soiler *n.* (סאב'-סאי-לער) איינער וואס אקערט טיעף אדער אקערט אויף דעם אונטער־באדען; א פלוג צום אקערען זעהר טיעף.

subso'lar *a.* (סאב-סאו'-לאר) וואס געפינט זיך אונטער דער זון.

sub'species *n.* (סאב'-ספי-שיעז) אן אונטער־גאטונג [אן אבטיילונג פון א גאטונג].

sub'sphere *n.* (סאב'-ספיער) א ניט אין גאנצען רונדער קערפער.

subspher'ical *a.* (סאב-ספער'-אי-קעל) ניט אין גאנצען קוגעל־פערמיג.

sub'stance *n.* (סאב'-סטענס) די סובסטאנץ, דער עצם, דאס אונבעיואוסטע "עפעס", וואס איז דער אונפערענדערליכער יסוד פון יעדער פערענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — דער געטליכער עצם, וואס איז געמיינשאפטליך אין אלע דריי פערזאנען פון דער הייליגער דריי־איינינקייט; דער עיקר, דער רעכטער אינהאלט; דער הויפט־געדאנק פון א רעדע אדער שריפט; דער יסוד; דער שטאף, דער מאטעריאל פון עפעס; איינער פון די כעמישע עלעמענטען, פון וועלכע אלע קערפער זיינען צוזאמענגעשטעלט; רייכטום, פערמעגען, וואהלהאבענקייט.

sub'stanceless *a.* (סאב'-סטענס-לעס) אהן בעשטאנד, אהן דעם עיקר, אהן אן אינהאלט.

substan'tial *a. and n.* (סאב-סטענ'-שעל) סובסטאנציעל, וועזענטליך; רעאל, ווירקליך; ממשות'דיג; וואס קומט פון דעם ערשטען אריגינעלען שטאף; עכט; שטארק, פעסט, סאליד; וואהלהאבענד, פערמעגליך; היבש, פון א היבשער גרויס;

זעהר בעדייטענד, וויכטיג; דאָס סובסטאַנציעלע, דאָס ווירקליכע, דאָס ממשות'דיגע; דאָס וואָס האָט אַ פּראַקטישען ווערטה; דער וויכטיגסטער טייל פון עפּעס.

substan'tial be'ing (סאַב-סטענ'-שעל-בי'-אינג) אַ סובסטאַנציעלעם וועזן, אַ זאַך וואָס עקזיסטירט אין זיך און איז קיין אַנדער סובסטאַנץ אויסער אין זיך [ווי אַן אינדיווידועלע פּערזאָן].

substan'tial form (סאַב-סטענ'-שעל-פאָרם) אין פילאָזאָפיע — די סובסטאַנציעלע פאָרם, די פאָרם אָדער די טבע, וועלכע גיט צו צו אַן אינדיווידועלער סובסטאַנץ איהר ספּעציפישען כאַראַקטער [ווי די שכל'דיגע נשמה איז די סובסטאַנציעלע פאָרם פון מענשען].

substan'tialism *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-איזם) סובסטאַנציאַליזם, די לעהרע, אַז הינטער די פענאָמענען [ערשיינונגען], וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירען רעאַלע סובסטאַנצען, וועלכע זיינען די יסודות פון די פענאָמענען [ערשיינונגען].

substan'tialist *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-איסט) אַן אַנהענגער פון סובסטאַנציאַליזם. ז. *substantialism*

substantial'ity *n.* (סאַב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאָס זיין סובסטאַנציעל; די ווירקליכקייט, די קערפּערליכקייט: די פעסטקייט, די שטאַרקייט; ממשות.

substan'tialize *v.* (סאַב-סטענ'-שעל-איז) מאַכען סובסטאַנציעל, זאַכליך אָדער וועזענטליך.

substan'tially *adv.* (סאַב-סטענ'-שעל-אי) אויף אַ סובסטאַנציעלען שטייגער; מיט פעסטקייט, מיט ממשות, מיט שטאַרקייט.

substan'tial mea'ning (סאַב-סטענ'-שעל מיע'-נינג) די הויפּט־בעדייטונג, דער הויפּט־אינהאַלט.

substan'tialness *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-נעס) דאָס זיין סובסטאַנציעל. ז. *substantial*

substan'tiate *v.* (סאַב-סטענ'-שי-אייט) בעפעסטיגען, מאַכען שטאַנדהאַפט אָדער דויערהאַפט: בעווייזען מיט זיכערע ראיות; מאַכען רעאַל אָדער ווירקליך.

substantia'tion *n.* (סאַב-סטענ-שי-איי'-שאַן) דאָס צוגעבען בעשטאַנד צו עפּעס; דאָס בעפעסטיגען עפּעס מיט זיכערע ראיות.

substanti'val *a.* (סאַב-סטענ-טאַי'-װעל) זעלבסט־עקזיסטירענד, אומאַבהענגיג; וואָס איז שייך צו אַ סובסטאַנטיוו. ז. *substantive*

sub'stantive *a. and n.* (סאַב'-סטענ-טיוו) סובסטאַנטיוו, וואָס בעצייכענט דאָס זיין אָדער בעשטעהן פון עפּעס; טהאַטזעכליך בעשטעהענד; וועזענטליך; וואָס עקזיסטירט אַן־און־פיר־זיך; אומאַבהענגיג פון עפּעס אַנדערש; סובסטאַנציעל, סאָליד, דויערהאַפט, רעאַל, פעסט; אין גראַמאַטיק — וואָס איז שייך צו אַ סובסטאַנטיוו; דאָס סובסטאַנטיוו, אַ זאַך־וואָרט, אַ הויפּט־וואָרט, דער נאָמען פון אַ זאַך.

sub'stantive col'ors (סאַב'-סטענ-טיוו קאַל'-אַרז) ביי פאַרבען וואָל און אַנדערע שטאָפען — די פאַרבען, וועלכע שטעהען צו צו די שטאָפען אָהן דער הילף פון בייץ־שטאָפען ז. *mordant*

sub'stantively *adv.* (סאַב'-סטענ-טיוו-לי) אין גראַמאַטיק — אַלס זאַך־וואָרט, אין דעם זין פון אַ סובסטאַנטיוו [הויפּט־וואָרט אָדער זאַך־וואָרט]; אויף אַ טהאַטזעכליכען, וועזענטליכען אופן.

sub'stantivize *v.* (סאַב'-סטענ-טי-וואַיז) בענוצען אַלס אַ סובסטאַנטיוו [הויפּט־וואָרט אָדער זאַך־וואָרט].

sub'stitute *v., n. and a.* (סאַב'-סטי-טיוט) זעצען אַנשטאַט, געבען איין זאַך אַנשטאַט אַן אַנדערער; אַ סובסטיטוט, אַ שטעלפערטרעטער; איין זאַך וואָס פערטרעט אַן אַנדערע; וואָס פערבייט אַן אַנדערען; וואָס איז געשטעלט געוואָרען אַנשטאַט אַן אַנדערען.

substitu'tion *n.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַן) די סובסטיטוציאָן, די שטעלפערטרעטונג; די שטעלונג פון איין זאַך אַנשטאַט אַן אַנדערער.

substitu'tional *a.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַנ-על) וואָס קען דיענען אַלס שטעלפערטרעטער; וואָס קען געשטעלט ווערען אויף'ן פּלאַץ פון אַן אַנדערען אָדער פון עפּעס אַנדערש.

substitu'tionally *adv.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַנ-על-אי) דורך שטעלפערטרעטונג, דורך פערבייטען מיט אַן אַנדערען אָדער מיט עפּעס אַנדערש.

substitu'tionary *a.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַנ-ע-רי) ז. *substitutional*

sub'stitutive *a.* (סאַב'-סטי-טיו-טיוו) וואָס קען זיין אַנשטאַט אַן אַנדערען; וואָס קען דיענען אַלס סובסטיטוט אָדער שטעלפערטרעטער; וואָס קען פערביטען ווערען דורך אַן אַנדערען אָדער דורך עפּעס אַנדערש.

substract' *v.* (סאַב-סטרעקט') ז. *subtract*

substrac'tion *n.* (סאַב-סטרעק'-שאַן) ז. *subtraction*

sub'strate *n.* (סאַב'-סטרייט) די אונטערלאַגע, די גרונדלאַגע, עפּעס וואָס ליעגט אונטער אַן אַנדער זאַך; אין פילאָזאָפיע — דאָס סובסטראַט, דער יסוד, די סובסטאַנץ, דער "עפּעס" פון אַ זאַך, וועלכער טראָגט איהרע אייגענשאַפטען.

substra'tum *n.* (סאַב-סטריי'-טאַם) ז. *substrate*

substruc'tion *n.* (סאַב-סטראַק'-שאַן) אַן אונטער־געבוי, אַן אונטער־געביידע; אַ פונדאַמענט.

sub'structure *n.* (סאַב'-סטראַק-טשור) אַ גרונדלאַגע, אַ גרונד, אַ פונדאַמענט, אַן אונטער־געבוי.

sub'stylar *a.* (סאַב'-סטאַי-לאַר) וואָס איז שייך צו דער ליניע אויף דעם ציפערבלאַט פון אַ זון־זייגער, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער ווייזער.

sub'style *n.* (סאַב'-סטאַיל) די ליניע אויף דעם ציפערבלאַט פון אַ זון־זייגער, אויף וועלכער עס שטעהט דער ווייזער.

subsul'tus *n.* (סאַב-סאַל'-טאַס) דאָס צוקען [פון די מוסקעלען]; אַ קאָנוואולסיווע אָדער קראַמפּפהאַפטע בעוועגונג.

subsume' *v.* (סאַב-סיום') סובסומירען, אַריינברייגנען דאָס בעזונדערע אין דאָס אַלגעמיינע; איינשליסען אַ פּרט אין אַ כלל; קלאַסיפיצירען עפּעס אונטער אַ בעשטימטער קאַטעגאָריע.

subsump'tion *n.* (סאַב-סאַמפּ'-שאַן) סובסומציאָן, דאָס איינשליסען אַ פּרט אין אַ כלל, דאָס בעגרייפען אַ פּרט אַלס אַ פאָלגע פון אַ כלל; אין לאָגיק — דער צווייטער זאַץ פון אַ סילאָגיזם, וועלכער דריקט אויס אַ פּרט אין אַ כלל [ווי למשל:
1) "אַלע מענשען זיינען שטערבליך",
2) "ראובן איז אַ מענש", פאָלגליך —
3) "ראובן איז שטערבליך"].

sub'surface *a.* (סאַב'-סויר-פעס) וואָס איז אונטער דער אויבערפלעכע.

sub'tack *n.* (סאַב'-טעק) אין שאָטלענדישער געזעצגעבונג — אַן אַרענדע־קאָנטראַקט אויף אַ הויז אָדער גוט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אַליין אַן אַרענדאַר אויף דעם הויז אָדער גוט.

sub'tangent *n.* (סאַב'-טענ-דזשענט) אין אַנאַליטישער געאָמעטריע — אַ סובטאַנגענטע [דער טייל פון דער אַבסציסע וואָס ווערט אָבגעשניטען צווישען דער טאַנגענטע און דער אָרדינאַטע פון אַ קרומער ליניע].

subtem'perate *a.* (סאַב-טעמ'-פּער-אייט) עטוואָס קעלטער איידער דער געוועהנליכער קלימאַט פון די מיטעלמעסיגע געגענדען אויף דער ערד.

sub'tenant *n.* (סאַב'-טענ-ענט) אַן אונטער־שכן, אַ שכן ביי אַ שכן.

subtend' *v.* (סאַב-טענד') אין געאָמעטריע — אויסציהען פון אונטען אָדער אַנטקעגען [אַ ווינקעל].

This side of the triangle subtends the right angle.

subtense' *n.* (סאַב-טענס') אין געאָמעטריע — אַ ליניע וואָס ציהט זיך געגען אַ בויגען אָדער געגען אַ ווינקעל.

subtep'id *a.* (סאַב-טעפּ'-איד) לעבליך, וואַרעמליך.

subterete' *a.* (סאַב-טי-ריט') עטוואָס רונד; עטוואָס צילינדער־פאָרמיג.

subter'fluent *a.* (סאַב-טויר'-פלו-ענט) אונטערפליסענד; וואָס פליסט פון אונטען.

subter'fluous *a.* (סאַב-טויר'-פלו-אַס) ז. *subterfluent*

sub'terfuge *n.* (סאַב'-טער-פיודזש) די אויסמיידונג; די אויסוויכונג; דאָס אַרויסמאַכען זיך מיט דריידלעך אָדער תירוצים.

subter'minal *a.* (סאַב-טויר'-מי-נעל) כמעט ביים ענד; ניט אין גאַנצען ביים ענד.

subternat'ural *a.* (סאַב-טער-נעטש'-יו-רעל) ז. *subnatural*

subterposi'tion *n.* (סאַב-טער-פּאָ-זיש'-אַן) אין געאָלאָגיע — דער סדר ווי די ערד־שיכטען ליעגען איינע אונטער די אַנדערע; דאָס ליעגען אונטער עפּעס.

sub'terrane *a.* (סאַב'-טע-ריין) ז. *subterranean*

subterra'nean *a.* (סאַב-טע-ריי'-ני-ען) אונטערערדיש, פון אונטער דער ערד.

subterra'neous *a.* (סאַב-טע-ריי'-ני-אַס) ז. *subterranean*

subterra'neously *adv.* (סאַב-טע-ריי'-ני-אַס-לי) אויף אַן אונטערערדישען שטייגער; אין געהיים; בסוד.

subterrene' *a.* (סאַב-טע-רין') ז. *subterranean*

subterres'trial *a.* (סאַב-טע-רעס'-טרי-על) אונטערערדיש; וואָס לעבט אונטער דער ערד.

sub'tile *a.* (סאַב'-טיל) סובטיל, פיין, דעליקאַט, דין, לופט־אַרטיג, לייכט; ראַפינירט, פערפיינערט; שאַרף, שניידענד; דורכדרינגענד, דורכנעהמענד דורך און דורך; געשיקט, פעהיג; קלוג, שאַרפזיניג; כיטרע.

sub'tilely *adv.* (סאַב'-טיל-לי) מיט פיינקייט אָדער צערטליכקייט; אויף אַ פיינער אַרט; אויף אַ שאַרפען, שניידענדען אָדער כיטרען שטייגער.

sub'tileness *n.* (סאב'-טיל-נעס) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; שארפקייט; כיטרעקייט.

subtilisa'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) ז. *subtilization*.

sub'tilise *v.* (סאב'-טי-לאיז) ז. *subtilize*.

sub'tilism *n.* (סאב'-טי-ליזם) דאס זיין סובטיל, דעליקאט, צארט, עדעל: דאס זיין ליסטיג, כיטרע.

subtil'ity *n.* (סאב-טיל'-אי-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; א דינער אונטערשיידונגס-שטריך; א פיקאנטע זאך; חריפות; פלפול.

subtiliza'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) די פערפיינערונג, די דין-מאכונג; אין כעמיע — דאס פערוואנדלען אין דאמפף אדער פארע; דאס מאכען א דינגע און שארפע אונטערשיידונג; פלפול, האר-שפאלטונג [אין א וכוח].

sub'tilize *v.* (סאב'-טי-לאיז) מאכען סובטיל, פערפיינערען, מאכען דין; מאכען שיטער; זיך מפלפל זיין, ארויסווייזען חריפות, שפאלטען האר [אין א ויכוח].

sub'tilizer *n.* (סאב'-טי-לאי-זער) איינער וואס פערפיינערט, וואס מאכט דין; א חריף אין פלפולים, א האר-שפאלטער.

sub'tilty *n.* (סאב'-טיל-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט: שיטערקייט: פערפלאנטערונג, פערוויקלונג [פון א פראגע]; ליסטיגקייט, כיטרעקייט; חריפות, פלפול; געשיקטקייט, קענטשאפט פון עפעס.

sub'title *n.* (סאב'-טאיטל) דער נעבען-טיטעל, דער צווייטער נאמען פון א בוך, וועלכער שטעהט נעבען ערשטען נאמען [ווי למשל: "הנאהבים והנעימים אדער דער שווארצער יונגערמאנטשיק"]; דער נאמען פון א בוך וואס ווערט איבערגעדרוקט אויף'ן צווייטען בלאט נאך'ן שערבלאט.

sub'tle *a.* (סאטל) 1. פיין, פערפיינערט, דין; 2. געשיקט [אין א מלאכה אדער קונסט]; 3. שארף, חריפות'דיג [אין געדאנק]; פלפול'דיג, מיט האר-שפאלטונג; 4. ליסטיג, כיטרע.

2. The work of the mediator requires **subtle** abilities. 3. He proved himself very **subtle** in the discussion. 4. He is too **subtle** to command the respect of his adversary.

sub'tleness *n.* (סאט'ל-נעס) פיינקייט, דינקייט; חריפות, שארפקייט [אין געדאנק]; געשיקטקייט [אין א מלאכה]; ליסטיגקייט, כיטרעקייט.

sub'tlety *n.* (סאט'ל-טי) פיינקייט, דינקייט; שארפקייט פון געדאנק, חריפות; פערוויקלונג, פערפלאנטערונג פון א פראגע, פלפול, האר-שפאלטונג; ליסטיגקייט, כיטרעקייט.

sub'tle-wit'ted *a.* (סאט'ל-הוויט'-עד) כיטרע-קלוג, שארפזיניג.

sub'tly *adv.* (סאט'-לי) אויף א פיינעם, דינעם שטייגער; אויף א געשיקטען אופן; מיט ליסטיגקייט, מיט כיטרעקייט.

subtract' *v.* (סאב-טרעקט') ארונטערנעהמען [א טייל פון א גאנצען]; אראבנעהמען, אבציהען, אראברעכנען.

subtrac'ter *n.* (סאב-טרעק'-טער) אן אראבציהער; איינער וואס רעכענט אראב פון א צאהל; אין אריפמעטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וואס ווערט ארונטערגענומען פון אנדער צאהל אין חיסור.

subtrac'tion *n.* (סאב-טרעק'-שאן) די אראברעכנונג, די אראבנעהמונג [פון א צאהל]; חיסור [אין רעכנונג].

subtrac'tive *a.* (סאב-טרעק'-טיוו) אראבציהענד; וואס נעהמט ארונטער פון א צאהל; אין מאטעמאטיק — וואס שטעהט מיט א מינוס-צייכען [—].

sub'trahend *n.* (סאב'-טרע-הענד) אין מאטעמאטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וועלכע ווערט אראבגענומען פון אן אנדער צאהל [אין חיסור].

subtranslu'cent *a.* (סאב-טרענס-ליו'-סענט) א ביסעל דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtranspar'ent *a.* (סאב-טרענס-פעהר'-ענט) עטוואס דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtreas'ury *n.* (סאב-טרעזש'-או-רי) די אונטער-שאצקאמער, אן אבטיילונג פון דער קאזנאטשייסטווע פון די פעראייניגטע שטאאטען.

subtrian'gular *a.* (סאב-טראי-ענ'-גיו-לאר) עטוואס דריי-עקיג; א דריי-קאנטיגע פיגור, ביי וועלכער די זייטען זיינען ניט גלייך אדער די ווינקלען זיינען פעררונדעט.

subtri'fid *a.* (סאב-טראי'-פיד) עטוואס דריי-שפאלטיג [וועגען פלאנצען].

subtrihe'dral *a.* (סאב-טראי-הי'-דרעל) עטוואס עהנליך צו א דריי-זייטיגער פיראמידע [ווי דאס קריינדעל פון א צאהן].

subtrip'le *a.* (סאב-טריפ'ל) וואס ענטהאלט א דריטעל פון א צאהל [ווי למשל 3 פון 9].

subtrip'licate *a.* (סאב-טריפ'-לי-קייט) אין מאטעמאטיק — אין דער פערהעלטניס אדער פראפארציאן פון קוביק-ווארצלען.

subtrip'licate ra'tio (סאב-טריפ'-לי-קייט ריי'-שיאו) די פערהעלטנים פון די קוביק-ווארצלען [ווי $\sqrt[3]{a} : \sqrt[3]{b}$].

subtrop'ic *a. and n.* (סאב-טראפ'-איק) אונטער-טראפיש, כמעט טראפיש [וועגען א קלימאט פון א געגענד וואס איז צווישען א הייסען און מיטעלמעסיגען קלימאט]; א געגענד וואס ליעגט ביי די טראפיקען. ז. *tropic*.

subtrop'ical *a.* (סאב-טראפ'-אי-קעל) אונטער-טראפיש, כמעט טראפיש. ז. *subtropic*.

sub'tutor *n.* (סאב'-טיו-טאר) אן אונטער-לעהרער; א בעהעלפער ביי א מלמד.

sub'type *n.* (סאב'-טאיפ) אין ביאלאגיע — אן אונטער-טיפ; א בעזונדערער טיפ וואס איז איינגעשלאסען אין א מעהר אלגעמיינעם. טיפ.

subtyp'ical *a.* (סאב-טיפ'-אי-קעל) עטוואס טיפיש, כמעט טיפיש.

su'bulate *a.* (סיו'-ביו-לייט) ווי אן אהל, ווי א שוסטער-נאדעל, אהל-פערמיג.

su'bulated *a.* (סיו'-ביו-ליי-טעד) ז. *subulate*.

su'buliform *a.* (סיו'-ביו-לי-פארם) אהל-פערמיג; ווי אן אהל.

subun'gual *a.* (סאב-אנ'-גהוועל) וואס געפינט זיך אונטער'ן נאגעל [ביי חיות]; וואס געפינט זיך אונטער דער קאפיטע.

sub'urb *n.* (סאב'-אורב) א פארשטאדט, אן ארומיגעס ארט, א געגענד ארום א שטאדט.

subur'ban *a. and n.* (סאב-אור'-בען) וואס ליעגט ביי דער שטאדט; וואס געפינט זיך אין דער פארשטאדט; אן איינוואהנער פון א פארשטאדט.

sub'urbed *a.* (סאב'-אורבד) מיט א פארשטאדט.

subvari'ety *n.* (סאב-ווע-ראי'-ע-טי) אין באטאניק און זאאלאגיע — אן אונטער-וואריעטעט. ז. *variety*.

subvene' *v.* (סאב-ווין') ארייננקומען, אונטערקומען [מיט דעם צוועק צו העלפען אדער צו פערהיטען פון א געפאהר].

subven'tion *n. and v.* (סאב-ווענ'-שאן) דאס אונטערקומען, דאס קומען צו הילף; הילף, שטיצע; העלפען, געבען הילף.

subventi'tious *a.* (סאב-ווענ-טיש'-אס) בעהילפיג, אונטערשטיצענד.

subver'miform *a.* (סאב-וואיר'-מי-פארם) עטוואס עהנליך צו א ווארים.

subver'sion *n.* (סאב-וואיר'-שאן) צושטערונג, אומשטירצונג, איבערקעהרונג; די אורזאכע פון אן איבערקעהרונג אדער פערניכטונג.

subver'sionary *a.* (סאב-וואיר'-שאנ-ע-רי) ז. *subversive*.

subver'sive *a.* (סאב-וואיר'-סיוו) צושטערענד, אומשטירצענד, איבערקעהרענד.

subvert' *v.* (סאב-וואירט') צושטערען, אומשטירצען, איבערקעהרען.

subver'ter *n.* (סאב-וואיר'-טער) א צושטערער; אן אומשטירצער.

subver'tible *a.* (סאב-וואיר'-טיבל) וואס קען אומגעשטירצט אדער צושטערט ווערען.

sub'way *n.* (סאב'-הוויי) אן אונטער-וועג, א וועג אונטער דער ערד; אן אונטער-באהן, אן אונטערערדישע אייזענבאהן.

sub'worker *n.* (סאב'-הוואיר-קער) א געהילף פון אן ארבייטער; אן אונטער-העלפער.

succade' *n.* (סא-קייד') די סוקאדע, גרינע פרוכט אדער ציטראן געפרעגעלט אין צוקער אדער סיראפ.

succeda'neous *a.* (סאק-סי-דיי'-ני-אס) וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; וואס דיענט אלס שטעלפערטרעטער.

succeda'neum *n.* (סאק-סי-דיי'-ני-אם) איינער וואס פערנעהמט דעם אנדערענס פלאץ, א שטעלפערטרעטער; עטוואס וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדער זאך; אין מעדיצין — א רפואה וואס ווערט געגעבען אנשטאט אן אנדער רפואה.

succeed' *v.* (סאק-סיעד') נאכפאלגען, נאכגעהן; קומען נאך; ערבען, ירש'ענען; גליקען, געלינגען, זיך איינגעבען; האבען ערפאלג.

succee'der *n.* (סאק-סיע'-דער) א נאכפאלגער; א יורש.

succee'ding *n.* (סאק-סיע'-דינג) דאס נאכפאלגען, דאס זיין דער נעכסטער.

succen'tor *n.* (סאק-סענ'-טאר) איינער וועלכער זינגט די אונטער-טענער אדער דעם באס-טייל אין א כאר; איינער וואס פערנעהמט די שטעלע פון רעגענט פון כאר אין א קירך.

success' *n.* (סאק-סעס') גליק, ערפאלג; אן ערפאלג, א פעולה; א גוטער רעזולטאט פון אן אונטערנעהמונג.

success'ful *a.* (סאק-סעס'-פול) ערפאלגרייך; גליקליך, געלונגען.

success'fully *adv.* (סאק-סעס'-פול-אי) מיט ערפאלג, אויף א געלונגענער ארט.

success'fulness *n.* (סאק-סעס'-פול-נעס) גליקליכקייט, געלונגענקייט; ערפאלג.

succes'sion *n.* (סאק-סעש'-אן) דאס פאלגען איינע נאך די אנדערע, דאס פאלגען אין דער רייהע; די נאכפאלגונג; א גרופע אדער סעריע פון זאכען אדער ערשיינונגען וואס פאלגען איינע נאך די

אנדערע; א רייה; די נאכפאלגע אין אמט, בעזיץ, א. ד. ג.; דאס רעכט פון א נאכפאלגער; א רייה פון נאכפאלגער; יורשים; נאכקומענשאפט.

succes'sional *a.* (סאק-סעש'-אנ-על) וואס געהט נאך דער רייה, וואס געהט איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sionally *adv.* (סאק-סעש'-אנ-על-אי) אין דער רייה, נאך דער רייהענפאלגע.

succes'sion du'ty (סאק-סעש'-אן דיו'-טי) ז. *succession tax*

succes'sionist *n.* (סאק-סעש'-אנ-איסט) א אנהענגער פון דער אפאסטאלישער נאכפאלגע. ז. *apostolic succession*

succes'sion of crops (סאק-סעש'-אן אוו קראפס) וועקסעל-ווירטשאפט [דאס פערזייהען א פעלד יעדען יאהר מיט אנדערער תבואה].

succes'sion tax (סאק-סעש'-אן טעקס) א שטייער אויף אייגענטום וואס דארף געצאהלט ווערען פון יעדען איינעם צו וועמען דאס אייגענטום געהט איבער בירושה.

succes'sive *a.* (סאק-סעס'-איוו) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען, וואס געהט כסדר איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sively *adv.* (סאק-סעס'-איוו-לי) נאך דער רייה, נאכאנאנדער; איבערגעהענדיג בירושה פון איינעם צום אנדערען.

succes'siveness *n.* (סאק-סעס'-איוו-נעס) דער רייהען-גאנג, דאס געהן אדער פאלגען איינס נאך'ן אנדערען.

success'less *a.* (סאק-סעס'-לעס) אונגליקליך; אהן ערפאלג; ניט געלונגען.

success'lessly *adv.* (סאק-סעס'-לעס-לי) אויף א ערפאלגלאזען אדער אונגעלונגענעם שטייגער; אהן ערפאלג; אונגליקליך.

success'lessness *n.* (סאק-סעס'-לעס-נעס) ערפאלגלאזיגקייט, דאס זיין אהן ערפאלג; אונגעלונגענקייט.

succes'sor *n.* (סאק-סעס'-אר) א נאכפאלגער; א יורש.

succes'sorship *n.* (סאק-סעס'-אר-שיפ) נאכפאלגערשאפט.

succes'sory *a.* (סאק-סעס'-א-רי) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען.

suc'ci *n.* (סאק'-סאי) זאפטען. ז. *succus*

succid'uous *a.* (סאק-סיד'-יו-אס) וואנקענד, וואס האלט ביים אנידערפאלען.

succif'erous *a.* (סאק-סיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס זאפט.

suc'cin *n.* (סאק'-סין) בורש, ברושטין, בערנשטיין.

suc'cinate *n.* (סאק'-סי-נייט) בערנשטיין-זויער-זאלץ [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטין].

suc'cinated *a.* (סאק'-סי-ניי-טעד) וואס ענטהאלט בערנשטיין-זויער-זאלץ.

succinct' *a.* (סאק-סינקט') קורץ, קורץ געפאסט; אויסגעדריקט אין ווייניג ווערטער; ארומגענארטעלט, ארומגערינגעלט ווי מיט א רייף.

succinct'ly *adv.* (סאק-סינקט'-לי) אויף א קורץ-געפאסטען אופן, אין ווייניג ווערטער.

succinct'ness *n.* (סאק-סינקט'-נעס) קורצקייט [אין אויסדריקען], קורץ-געפאסטקייט.

succincto'rium *n.* (סאק-סינק-טאו'-רי-אם) אזא מאנטעל וואס דער פאפסט טראגט ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס.

succinc'tory *n.* (סאק-סינק'-טא-רי) ז. *succinctorium*

succin'ic *a.* (סאק-סינ'-איק) וואס קומט אדער ווערט גענומען פון ברושטין אדער בערנשטיין [וועגען כעמישע שטאפען און פערבינדונגען]; וואס ווערט געפונען אין ברושטין [ווי א[ן] אינזעקט].

succin'ic ac'id (סאק-סינ'-איק עס'-איד) בערנשטיין-זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטין].

suc'cinite *n.* (סאק'-סי-נאיט) א מין געלבער גראנאט וואס האט דעם קאליר פון ברושטין [בערנשטיין].

suc'cinous *a.* (סאק'-סי-נאס) וואס איז ענהליך צו ברושטין [בערנשטיין].

succise' *a.* (סאק-סאיס') אין באטאניק — וואס איז ווי אבגעשניטען אדער ווי אבגעבראכען ביים ענד.

succiv'orous *a.* (סאק-סיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט דעם זאפט פון פלאנצען [ווי א[ן] אינזעקט].

suc'cor *v. and n.* (סאק'-אר) העלפען, קומען צו הילף; אונטערשטיצען; הילף, אונטערשטיצונג; א העלפער, א[ן] ארויסהעלפער, א[ן] אונטערשטיצער; א הילפסארמעע.

suc'corable *a.* (סאק'-אר-עבל) וואס קען אויסגעהאלפען ווערען.

suc'corer *n.* (סאק'-אר-ער) א העלפער, א[ן] ארויסהעלפער, א[ן] אונטערשטיצער.

suc'corless *a.* (סאק'-אר-לעס) הילפלאז, אהן הילף.

suc'cory *n.* (סאק'-א-רי) ציקאריע.

suc'cose *a.* (סאק'-אוס) זאפטיג.

suc'cotash *n.* (סאק'-א-טעש) א געריכט פון טערקישע ווייץ [קוקורוזע] און בעבלעך.

suc'cub *n.* (סאק'-אב) ז. *succuba*

suc'cuba *n.* (סאק'-יו-בא) א פאבעלהאפטער שד וואס אין דער געשטאלט פון א פרויענצימער, וואס ערשיינט צו מענער אין שלאף און האט מיט זיי געשלעכטליכע בעציהונגען [ווי ביי אידען ווערט געגלויבט וועגען לילית].

suc'cubus *n.* (סאק'-יו-באס) א שד וועגען וועלכען עס ווערט געגלויבט, אז ער האט געשלעכטליכע בעציהונגען מיט מענשען ווען זיי שלאפען.

suc'culence *n.* (סאק'-יו-לענס) זאפטיגקייט.

suc'culency *n.* (סאק'-יו-לענ-סי) ז. *succulence*

suc'culent *a.* (סאק'-יו-לענט) זאפטיג.

suc'culently *adv.* (סאק'-יו-לענט-לי) פול מיט זאפט, זאפטיג.

suc'culous *a.* (סאק'-יו-לאס) ז. *succulent*

succumb' *v.* (סא-קאם') 1. פאלען אונטער דעם דרוק אדער איבערמאכט; 2. זיך אונטערגעבען, בעזיעגט ווערען; 3. שטארבען.

2. The army succumbed to the attack of the enemy.

succur'sal *a.* (סא-קויר'-סעל) וואס דיענט אלס א נעבען-קירך.

suc'cus *n.* (סאק'-אס) דער זאפט פון קערפער; דער זאפט פון פלאנצען.

succuss' *v.* (סא-קאס') א פלעצליך טרייסעל אדער שאקעל טהאן.

succussa'tion *n.* (סא-קא-סיי'-שאן) טרייסלונג; שאקלונג.

succus'sion *n.* (סא-קאש'-אן) דאס טרייסלען, דאס שאקלען; א העפטיגער טרייסעל.

succus'sive *a.* (סא-קאס'-איוו) טרייסענד, שאקלענד ארויף און אראב.

such *a., adv. and pr.* (סאטש) אזעלכער, אזעלכע, אזעלכעס; אזא, אזוינער; די יעניגע; דערזעלביגער, דיעזעלביגע.

such and such (סאטש ענד סאטש) דער און דער, די און די, דאס און דאס; אזעלכער און אזעלכער, אזא און אזא.

such is life (סאטש איז לאיף) אזוי געהט עס אויף דער וועלט, אזוי איז שוין דאס לעבען.

suck *v. and n.* (סאק) זויגען; איינזויגען, אריינציהען אין זיך; דאס זויגען; די זויג-מילך, די מוטער-מילך; דאס איינזויגען, דאס איינציהען; א שלוק; א ציה [ווי ביים רויכערען]; שנאפס; א נאשעריי; א שווינדעל, א שפיצעל, א[ן] אבנארעריי.

suck'er *n. and v.* (סאק'-ער) א זויגער, איינער אדער עטוואס וואס זויגט; א זויג-קינד; א זויג-טהיער; א יונג חזיר'על; דער ארגאן מיט וועלכען א לעבעדיגע בעשעפעניש זויגט; א טייל פון א מאשין אדער פון א[ן] אפאראט וואס זויגט איין [ווי א זויג-רעהר, דער קאלבען אין א זויג-פומפ א. ד. ג.]; אזא פיש וואס קען זיך צוזויגען צו עפעס מיט'ן מויל; א[ן] ארויסשפראצונג אדער צווייגעלע וואס וואקסט ארויס פון דעם ווארצעל אדער ביים ווארצעל פון א פלאנצע; א פאראזיט, א בלוט-זויגער; א[ן] אויסזויגער; א דומער יונג, א שוטה; א[ן] איינוואהנער פון דעם שטאאט איללינאיז [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אבשניידען די ארויסשפראצונגען אדער די צווייגלעך וואס וואקסען ארויס פון די ווארצלען; בעזארגען מיט זויג-ארגאנען; לאזען ארויסוואקסען אדער ארויסשפראצען צווייגלעך פון די ווארצלען.

suck'er-fish *n.* (סאק'-ער-פיש) ז. *sucking-fish*

suck'et *n.* (סאק'-עט) א קאנפעקט; א דעליקאטעס, א נאשעריי.

suck in (סאק אין) איינזויגען; בעטריגען, בעשווינדלען.

suck'-in *n.* (סאק'-אין) א שווינדעל, בעטרוג.

suck'ing *a. and n.* (סאק'-אינג) זויגענד, זויגענדיג; יונג און אונערפאהרען; דאס זויגען.

suck'ing-bot'tle *n.* (סאק'-אינג-באט'ל) א זויג-פלעשעל [פאר קינדער].

suck'ing-fish *n.* (סאק'-אינג-פיש) דער קאפ-זויגער [אזא פיש וואס זויגט זיך צו מיט'ן קאפ, בעזאנדערס צו שיפען, און האלט זיך ווי אנגעקלעפט]. ז. *remora*

suck'ing-pump *n.* (סאק'-אינג-פאמפ) א זויג-פומפ.

suck'le *v.* (סאקל) זויגען, נעהרען מיט דער ברוסט.

suck'ler *n.* (סאק'-לער) א זויג-טהיער, א חיה וואס זויגט איהרע קינדער; א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; א זויג-קאלב.

suck'ling *n. and a.* (סאק'-לינג) א זויגלינג, א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; זויגעדיג; יונג און אונערפאהרען.

suck out (סאק אוט) אויסזויגען.

suck the mon'key (סאק טהי מאנ'-קי) זויגען וויין אדער בראנפען פון א פאס דורך א רעהרעל אדער א שטרוי; טרינקען שנאפס [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

suck up (סאַק אַפּ) אריינזויגען, אריינ־ציהען אין זיך.

su'crose *n.* (סיו'־קראָוס) ראָהר־צוקער.

suc'tion *n.* (סאַק'־שאַן) זויגונג; איינ־זויגונג.

suc'tion-pipe *n.* (סאַק'־שאַן־פּאַיפּ) דער זויג־ראָהר פון א זויג־פּומפּ [דער ראָהר דורך וועלכען דאָס וואַסער ווערט ארויפגעצויגען].

suc'tion-pump *n.* (סאַק'־שאַן־פּאַמפּ) א זויג־פּומפּ [א פּומפּ אין וועלכער דאָס וואַסער ווערט ארויפגעצויגען דורך דער זויג־ווירקונג פון דעם קאָלבען, ווי די געוועהנליכע וואַסער־פּומפּען].

suc'tion-valve *n.* (סאַק'־שאַן־וועלוו) א זויג־ווענטיל [דער ווענטיל אָדער די קלאַפּע אין דעם דעק פון צילינדער אונטער דעם קאָלבען דורך וועלכען דאָס וואַסער ווערט אריינגעצויגען].

sucto'rial *a.* (סאַק־טאָו'־רי־על) וואָס איז צוגעפּאַסט אָדער איינגעריכטעט צום זויגען; וואָס האָט א זויג־אָרגאַן; וואָס לעבט פון זויגען.

sucto'rian *n.* (סאַק־טאָו'־רי־ען) א זויג־טהיער; דער רונד־מויל פיש [איינער פון די פיש וואָס קען זיך צוזויגען צו עטוואָס מיט זיין מויל].

sucto'rious *a.* (סאַק־טאָו'־רי־אָס) ז. *suctorial*.

Sudanese' *a. and n.* (סוה־דע־ניעס') סודאַניש, וואָס איז שייך צו סודאַן; פון סודאַן [א געגענד אין אפריקא, וואָס ליעגט אין דרום פון סאַהאַראַ]; אן איינוואָהנער פון סודאַן, די איינוואָהנער אָדער די נעגער פון סודאַן.

suda'rium *n.* (סיו־דיי'־רי־אַם) א טיכעל.

su'dary *n.* (סיו'־דע־רי) ז. *sudarium*.

suda'tion *n.* (סיו־דיי'־שאַן) דאָס שוויצען; שוויצונג.

sudato'rium *n.* (סיו־דע־טאָו'־רי־אַם) א שוויץ־באָד.

su'datory *a. and n.* (סיו'־דע־טאָ־רי) שוויצענד; וואָס ברייננט ארויס שוויס; א שוויץ־מיטעל; א שוויץ־באָד.

sud'den *a. and adv.* (סאַדן) פּלעצ־ליך, פּלוצלונג; איילינ, שנעל; אונערוואַרטעט.

sud'denly *adv.* (סאַד'נ־לי) אויף א פּלעצליכען אָדער אונערוואַרטעטען אופן; מיט א מאָל; באַלד, שנעל.

sud'denness *n.* (סאַד'נ־נעס) פּלעצליכ־קייט.

su'dor *n.* (סיו'־דאָר) שוויס.

su'doral *a.* (סיו'־דאָ־רעל) שווייסיג; וואָס איז שייך צו שוויס.

sudorif'erous *a.* (סיו־דאָ־ריפ'־ע־ראָס) וואָס גיט ארויס אָדער ברייננט ארויס שוויס.

sudorif'ic *a. and n.* (סיו־דאָ־ריפ'־איק) שוויס־טרייבענד, וואָס ברייננט ארויס שוויס; א שוויץ־מיטעל, א מיטעל וואָס ברייננט ארויס שוויס.

Su'dra *n.* (סוה'־דראַ) די פיערטע און נידריגסטע קאַסטע אין אינדיען [דאָס פאָלק אין אינדיען איז א מאָל געווען איינגעטיילט אין פיער קאַסטען אָדער קלאַסען]; א מיטגליעד פון דער פיערטער קאַסטע.

suds *n.* (סאַדז) זייף־וואַסער, מוליענעס, זייף־לויג.

sue *v.* (סיו) געריכטליך פערקלאָגען; זוכען אויסצואווירקען; זוכען צו איבער־צייגען; זוכען געוועכטיגקייט; זוכען אי־מעצענס גונסטען; בעטען; זיך שרכנ'ען.

sue at law (סיו עט לאָה) פערקלאָגען אין געריכט.

sue for grace (סיו פאָר גרייס) בעטען גנאַד.

sue out (סיו אוט) אויסווירקען.

sue out liv'ery (סיו אוט ליוו'־ער־אי) זיך ערקלערען אלס פולי־יעהריג.

su'er *n.* (סיו'־ער) א ביטע־שטעלער, א בעווערבער; איינער וואָס שדכנ'ט זיך.

su'et *n.* (סיו'־עט) ניערען־פעטס, חלב.

su'ety *a.* (סיו'־עט־אי) פעטיג, חלב'דיג.


sym'metry *n.* (סים'-ע-טרי) די גלייכמעסיגקייט, די פראפארציע; סימעטריע, אזא צוזאמענשטעלונג פון די טיילען פון א קערפער, ביי וועלכען איין העלפט איז פאלקאם ענליך צו דער צווייטער העלפט [ווי די אויסענזייט פון א מענשליכען קערפער ווען מען זאל איהם איבערשניידען אין דער לענג פונקט אין מיטען].

sympathet'ic *a. and n.* (סים-פע-טהעט'-איק) סימפאטעטיש; וואס האלט זיך אויף סימפאטיע אדער מיטגעפיהל; מיטליידענד, מיטפיהלענד; הארמאנירענד, גלייכגעשטימט; פערוואנדט, פון דערזעלבער אייגענשאפט; אין מעדיצין — סימפאטיש, וואס איז שייך צו סימפאטיע [דער וועהטהאג פון איין טייל פון קערפער, וואס נעהמט זיך צוליעב דעם אוננארמאלען צושטאנד פון אן אנדער טייל]; דאס סימפאטישע נערוועןסיסטעם; דער סימפאטישער נערוו; איינער וואס איז זעהר עמפפינדליך [ווי צו א היפנאטישען איינפלוס].

sympathet'ically *adv.* (סים-פע-טהעט'-איק-על-אי) אויף א סימפאטעטישען אדער מיטפיהלענדען שטייגער.

sympathet'ic ner'vous sys'tem (סים-פע-טהעט'-איק נויר'-וואס סיס'-טעם) דאס סימפאטעטישע נערוועןסיסטעם [א טייל פון דעם נערוועןסיסטעם, וואס בעשטעהט פון בינטלעך נערווען ארום דעם ווירבעלזייל (חוט השדרה). דיעזע נערווען בינדען צוזאמען כמעט אלע אינערליכע ארגאנען פון קערפער און דורך זיי ווערט רעגולירט די נאהרונג פון דיעזע ארגאנען].

sympathet'ic pow'der (סים-פע-טהעט'-איק פאו'-דער) ז. ***powder of sympathy***

sym'pathise *v.* (סים'-פע-טהאיז) ז. ***sympathize***

sym'pathiser *n.* (סים'-פע-טהאי-זער) ז. ***sympathizer***

sym'pathist *n.* (סים'-פע-טהיסט) א סימפאטיזירער, איינער וואס האט מיטגעפיהל צו עמעס אדער אימעצען.

sym'pathize *v.* (סים'-פע-טהאיז) סימפאטיזירען, מיטפיהלען, מיטליידען; האבען א מיטגעפיהל; איבעראיינשטימען, הארמאנירען; אויסדריקען מיטגעפיהל.

sym'pathizer *n.* (סים'-פע-טהאי-זער) א סימפאטיזירער, א מיטפיהלער.

sym'pathy *n.* (סים'-פע-טהי) סימפאטיע, מיטלייד, מיטגעפיהל; אין מעדיצין — דאס מיטליידען פון א טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל; די הארמאניע [פון פארבען און טענער].

symphonet'ic *a.* (סים-פא-נעט'-איק) ז. ***symphonic***

symphon'ic *a.* (סים-פאנ'-איק) סימפאניש; וואס איז שייך צו א סימפאניע אדער הארמאניע פון טענער; וואס האט דעמזעלביגען קלאנג [ווי צוויי בעזונדערע ווערטער וואס האבען איין אויסשפראך]; אין מוזיק — וואס איז שייך צו א סימפאניע [ז. ***symphony***].

sympho'nious *a.* (סים-פאו'-ני-אס) הארמאניש, צוזאמענשטימענד, וואהלקלינגענד.

sym'phonist *n.* (סים'-פא-ניסט) א סימפאניסט, א פערפאסער פון סימפאניען. ז. ***symphony***

sym'phonize *v.* (סים'-פא-נאיז) הארמאנירען; שטימען.

sym'phony *n.* (סים'-פא-ני) א סימפאניע, א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן אין דער פארם פון א סאנאטע [ז. ***sonata***], וואס ווערט פערפאסט ניט פאר אן איינצעלנעם אינסטרומענט, נאר פאר א גאנצען ארקעסטער; א הארמאניע פון טענער.

sym'physal *a.* (סים'-פי-זעל) ז. ***symphyseal***

symphys'eal *a.* (סים-פיז'-אי-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א סימפיזע. ז. ***symphysis***

sym'physis *n.* (סים'-פי-סיס) אין אנאטאמיע — א סימפיזע, צוזאמענוואקסונג פון צוויי ביינער, צוזאמענוואקסונג, פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי טיילען.

sympiesom'eter *n.* (סים-פי-ע-סאמ'-ע-טער) דאס סימפיזאמעטער, אן אינסטרומענט ענליך צו א באראמעטער, צו מעסטען דעם דרוק פון שטראם פון א פליסיגען קערפער אדער צו מעסטען די צונויפדריקבארקייט פון פליסיגע קערפער.

sympo'siac *a. and n.* (סים-פאו'-זי-עק) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט; א סעודה פאר געסט, א באנקעט.

sympo'sial *a.* (סים-פאו'-זי-על) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט.

sympo'siast *n.* (סים-פאו'-זי-עסט) אן אנטייל־נעהמער אין א סעודה אדער מאהלצייט.

sympo'sion *n.* (סים-פאו'-זי-אן) ז. ***symposium***

sympo'sium *n.* (סים-פאו'-זי-אם) א מאהלצייט, א סעודה מיט קורצע רעדען און צייט־פערטרייב; א באנקעט; א זאמלונג פון קורצע רעדען אדער אויסגעדריקטע מיינונגען וועגען עפעס.

symp'tom *n.* (סימפ'-טאם) א סימפטאם; א קראנקהייטס־צייכען [א צייכען אין וועלכען מען דערקענט א קראנקהייט]; א צייכען, א פאר־צייכען.

symptomat'ic *a.* (סימפ-טא-מעט'-איק) סימפטאמאטיש, ווי א סימפטאם, ווי א קראנקהייטס־צייכען; וואס דיענט אלס צייכען, אנצייגענד.

symptomat'ical *a.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל) ז. ***symptomatic***

symptomat'ically *adv.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל-אי) דורך סימפטאמען אדער סמנים, סימפטאמאטיש.

symp'tomatize *v.* (סימפ'-טא-מע-טאיז) בעווייזען די סימפטאמען אדער סמנים פון עפעס; כאראקטעריזירען [א קראנקהייט] דורך די סימפטאמען אדער סמנים.

symptomatol'ogy *n.* (סימפ-טא-מע-טאל'-א-דזשי) סימפטאמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די סימפטאמען אדער סמנים פון קראנקהייטען.

symptomol'ogy *n.* (סימפ-טא-מאל'-א-דזשי) ז. ***symptomatology***

synær'esis *n.* (סי-נער'-ע-סיס) אין גראמאטיק — די סינערעזע, די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער פון צוויי גלייכארטיגע וואקאלען אין איינעם [ווי דאס ווארט ***ne'er*** אנשטאט ***never***].

syn'agogal *a.* (סינ'-ע-גאג-על) ז. ***synagogical***

synagog'ical *a.* (סינ-ע-גאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאגאגע אדער צו א אידישער שוהל.

syn'agogue *n.* (סינ'-ע-גאג) א סינאגאגע, א אידישע שוהל, א קלויז צום דאווענען; די רעליגיעזע געמיינדע אדער דער קהל וואס דאווענט אין א געוויסער שוהל; א פארצייטיגע געמיינדע פון אידישע קריסטען.

synale'pha *n.* (סין-ע-לי'-פא) אין גראמאטיק — די פעראייניגונג פון צוויי וואקאלען פון צוויי בעזונדערע זילבען אין איין זילבע [ווי למשל, ***th'enemy*** אנשטאט ***the enemy***].

synale'phe *n.* (סין-ע-ליע'-פי) ז. ***synalepha***

synal'gia *n.* (סי-נעל'-דזשי-א) א סימפאטעטישער וועהטאג [א וועהטאג אין איין טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל].

synallagmat'ic *a.* (סין-ע-לעג-מעט'-איק) אין יוריספרודענץ — געגענזייטיג פערפליכטעט.

synalœ'phe *n.* (סין-ע-ליע'-פי) ז. ***synalepha***

synan'therous *a.* (סי-נענ'-טהער-אס) אין באטאניק — מיט א פערוואקסענעם שטויב־בייטעל [וועגען געוויסע פלאנצען].

syn'archy *n.* (סינ'-אר-קי) א געמיינשאפטליכע הערשונג אדער רעגירונג.

synarte'sis *n.* (סין-אר-טי'-סיס) דאס צוזאמענבינדען, דאס פעראייניגען; אן ענגער צוזאמענבונד.

synarthro'dia *n.* (סינ-אר-טהראו'-דיא) ז. *synarthrosis*.

synarthro'sis *n.* (סינ-אר-טהראו'-סיס) אן אונבעוועגליכעס גליעד; א נאָהט אדער געלענק צווישען צוויי גליעדער, וועלכע בעוועגען זיך ניט [ווי די נאהט צווישען די טיילען פון שיידעל אדער שארבען].

synax'is *n.* (סי-נעק'-סיס) א רעליגיעזע פערזאמלונג [ביי די פארצייטיגע קריסטען].

syn'carp *n.* (סינ'-קארפ) אין באטאניק — א צוזאמענגעזעצטע פרוכט.

syncar'pium *n.* (סינ-קאר'-פי-אם) ז. *syncarp*.

syncar'pous *a.* (סינ-קאר'-פאס) אין באטאניק — צוזאמענגעזעצט און פערוואקסען; וואס האט דעם כאראקטער פון א צוזאמענגעזעצטער פרוכט.

syncategoremat'ic *a. and n.* (סינ-קעט-אי-גאר-אי-מעט'-איק) אין לאגיק — וואס איז שייך צו ווערטער, וועלכע קענען ניט אליין בעצייכנען א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט, נאר זיי בעצייכנען דאס אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער [ווי אן אדווערבום, פרעפאזיציאן א. ד. ג.]; א ווארט וואס בעצייכענט א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט נור אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער.

synchondro'sis *n.* (סינ-קאן-דראו'-סיס) אין אנאטאמיע — די פערבינדונג פון ביינער דורך כראמשקע [קנארפעל].

syn'chronal *a. and n.* (סינ'-קרא-נעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס עס טרעפט זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך; א גלייכצייטיגע פאסירונג.

synchron'ical *a.* (סינ-קראנ'-אי-קעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס טרעפט זיך אין דערזעלבער צייט מיט אן אנדער זאך אדער פאסירונג.

synchron'ically *adv.* (סינ-קראנ'-אי-קעל-אי) אויף א גלייכצייטיגען אופן; טרעפענדיג זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

synchronisa'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) ז. *synchronization*.

syn'chronise *v.* (סינ'-קרא-נאיז) ז. *synchronize*.

syn'chroniser *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) ז. *synchronizer*.

syn'chronism *n.* (סינ'-קרא-ניזם) די גלייכצייטיגקייט; די גלייכצייטיגע פאסירונג; א סינכראניזם, א צוזאמענפאל פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט; א טאבעלע פון היסטארישע פאסירונגען אדער פערזאנען, וואס זיינען גרופירט לויט די דאטען; אין מאלעריי — דאס פארשטעלען אויף איין בילד עטליכע פאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען אין בעזונדערע צייטען אדער איין און דיעזעלבע פאסירונג אין פערשיעדענע מאמענטען.

synchronis'tic *a.* (סינ-קרא-ניס'-טיק) סינכראניסטיש; וואס איז שייך צו סינכראניזם. ז. *synchronism*.

synchronis'tically *adv.* (סינ-קרא-ניס'-טי-קעל-אי) אויף א סינכראניסטישען שטייגער; לויט די דאטען.

synchroniza'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) דאס מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג [ספעציעל ווענען זייגערס זיי זאלען צייגען דיעזעלבע צייט אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט]; דאס צוזאמענפאלען פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט.

syn'chronize *v.* (סינ'-קרא-נאיז) זיין גלייכצייטיג, צוזאמענפאלען אדער צוזאמענטרעפען אין איין צייט; מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; מאכען צו געהן אין איין צייט [ווענען זייגערס אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט].

syn'chronizer *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) איינער וואס מאכט סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; א פארריכטונג צו מאכען, אז זייגערס זאלען צייגען דיעזעלבע צייט אדער אז די פאזען פון עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט.

synchronol'ogy *n.* (סינ-קרא-נאל'-א-דזשי) סינכראנאלאגיע, די סינכראניסטישע געשיכטס-מעטאדע [א מעטאדע צו שרייבען געשיכטע וואו עס ווערען גרופירט לויט די דאטען איינע נאך די אנדערע די וויכטיגסטע פאסירונגען אין לעבען פון פערשיעדענע פעלקער].

syn'chronous *a.* (סינ'-קרא-נאס) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג.

syn'chronously *adv.* (סינ'-קרא-נאס-לי) אויף א סינכראניסטישען אדער גלייכצייטיגען שטייגער.

syn'chronousness *n.* (סינ'-קרא-נאס-נעס) דאס זיין סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג.

syn'chrony *n.* (סינ'-קרא-ני) דאס פאסירען פון בעזונדערע זאכען אין איין צייט.

syn'chysis *n.* (סינ'-קי-סיס) אן אונארדנונג, אן אויסמישונג; אין רעטאריק — א פערקעהרטע ארדנונג פון די ווערטער אין א זאץ; אין פאטאלאגיע — די אויספליסונג פון דעם גלאז-שטאף פון אויג.

syncli'nal *a. and n.* (סינ-קלאי'-נעל) וואס בויגט זיך ארונטער אין צוויי געגענזייטיגע ריכטונגען אום צו בעגעגענען זיך אונטען אין איין פונקט [ווי די צייכנונג ⌣]; אין געאלאגיע — וואס האט א גלייכע נייגונג מיט אנדערע ערד-שיכטען; אן ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע.

syn'cline *n.* (סינ'-קלאין) אן ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע. ז. *synclinal*.

synclin'ical *a.* (סינ-קלינ'-אי-קעל) ז. *synclinal*.

syn'copate *v.* (סינ'-קא-פייט) צוזאמענציהען א ווארט, ארויסנעהמענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען [ווי דאס ווארט *Gloster* פון *Gloucester*]; אין מוזיק — סינקאפירען, פערבינדען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון דעם פאלגענדען טאן.

syncopa'tion *n.* (סינ-קא-פיי'-שאן) דאס צוזאמענציהען א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען; אין מוזיק — דאס סינקאפירען, דאס פעראייניגען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון פאלגענדען טאן.

syn'cope *n.* (סינ'-קא-פי) די סינקאפע [אין גראמאטיק — די פערקירצונג פון א ווארט דורכלאזען א מיטעלסטען בוכשטאב, ווי למשל, *ne'er* פון *never*; אין מוזיק — די צוזאמענגיסונג פון צוויי טענער אין אקצענט; די צוזאמענגיסונג פון צוויי שטימען אזוי, אז מעהרערע טענער פון איין שטימע פאלען צוזאמען מיט איין טאן פון א צווייטער]; אונמאכט, חלשות.

syncop'ic *a.* (סינ-קאפ'-איק) וואס איז שייך צו א סינקאפע. ז. *syncope*.

syn'copist *n.* (סינ'-קא-פיסט) איינער וואס פערקירצט א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע בוכשטאבען.

syncop'tic *a.* (סינ-קאפ'-טיק) אין מעדיצין — וואס איז שייך צו אונמאכט אדער חלשות.

syncret'ic *a. and n.* (סינ-קרעט'-איק) סינקרעטיש, פעראייניגענד פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; וואס געהערט צו דער פעראייניגונג פון פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען אדער צונויפגיסען פערשיעדענע סיסטעמען אדער לעהרען אין איין סיסטעם.

syn'cretise *v.* (סינ'-קרע-טאיז) ז. *syncretize*.

syn'cretism *n.* (סינ'-קרע-טיזם) סינקרעטיזם, א שטרעבונג צו פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן צוויי אדער עטליכע פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע סיסטעמען אדער רעליגיעזע לעהרען.

syn'cretist *n.* (סינ'-קרע-טיסט) א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע אדער רעליגיעזע סיסטעמען אין איין סיסטעם.

syncretis'tic *a.* (סינ-קרע-טיס'-טיק) סינקרעטיסטיש; וואס איז שייך צו סינקרעטיזם. ז. *syncretism*.

syn'cretize *v.* (סינ'-קרע-טאיז) סינקרעטיזירען, פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן פערשיעדענארטיגע סיסטעמען אדער לעהרען.

syn'crisis *n.* (סינ'-קרי-סיס) א רעטארישע זאץ, וואו ענטגעגענגעזעצטע זאכען אדער פערזאנען ווערען פערגליכען.

syndac'tyl *a. and n.* (סינ-דעק'-טיל) ביי וועמען די פינגער זיינען מעהר אדער ווייניגער פעראייניגט [ווי דורך דעם הייטעל ביי א שווים-פויגעל]; א חיה אדער פויגעל, ביי וועלכען די פינגער זיינען מעהר אדער ווייניגער צוזאמענגעוואקסען.

syndactyl'ic *a.* (סינ-דעק-טיל'-איק) מיט פעראייניגטע פינגער. ז. *syndactyl*.

syndac'tylism *n.* (סינ-דעק'-טי-ליזם) די פעראייניגונג אדער צוזאמענוואקסונג פון צוויי אדער עטליכע פינגער [ווי ביי געוויסע חיות און פויגלען].

syndac'tylous *a.* (סינ-דעק'-טי-לאס) ז. *syndactylic*.

syndesmog'raphy *n.* (סינ-דעס-מאג'-רע-פי) ז. *desmography*.

syndesmol'ogy *n.* (סינ-דעס-מאל'-א-דזשי) ז. *desmology*.

syn'dic *n.* (סינ'-דיק) דער סינדיקוס, דער בעפאלמעכטיגטער, דער פערטרעטער [פון א געמיינדע]; א מאגיסטראט; א פערוואלטער איבער די ענינים פון אן אוניווערזיטעט, פון א קאמפאניע א. ד. ג.; אין פראנצויזישער געזעצגעבונג — אן אויפזעהער איבער די געשעפטען פון א באנקראטירטער פירמע [ביי אידען דאס ווארט "סנדק" נעהמט זיך פון דעמזעלביגען ווארצעל און בעדייטעט די פארזיצענדע פערזאן ביי דער צערעמאניע פון א ברית].

syn'dical *a.* (סינ'-די-קעל) וואס איז שייך צו א סינדיקוס. ז. *syndic*.

syn'dicalism *n.* (סינ'-די-קעל-איזם) סינדיקאליזם, א ריכטונג איז דער ארבייטער-בעוועגונג, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט אין פראנקרייך און אין אנדערע לענ-

דער. דער הויפט־פרינציפ פון סינדיקאליזם בעשטעהט אין דעם, אז דער ארבייטערקלאס, ארגאניזירט אין טרייד־יוניאנס אדער — ווי אין פראנקרייך — סינדיקאטען, פיהרט א שטענדיגען רעוואלוציאנערען קאמפף געגען דער קאפיטאליסטישער ארדנונג זעלבסטשטענדיג [ניט אין פערבינדונג מיט קיין פאליטישער פארטיי] און דורך דירעקטער אקציאן [ז. *direct action*], ניט דורך געזעצגעבונג אין פארלאמענט.

syn'dicalist *n.* (סינ'-די-קעל-איסט) א סינדיקאליסט, אן אנהענגער פון סינדיקאליזם. ז. *syndicalism*.

syn'dicate *n. and v.* (סינ'-די-קייט) א סינדיקאט, א פעראייניגונג פון פערזאנען אדער קאמפאניעס אין אן אונטערנעהמונג וואס פאדערט זעהר א גרויסען קאפיטאל; א פראפעסיאנעלער ארבייטערפעראיין, א טרייד־יוניאן; דאס אמט אדער די ווירדע פון א סינדיקוס [ז. *syndic*]; פעראייניגען אין א סינדיקאט; רעגולירען דעם מארק־פרייז פון א געוויסער סחורה דורך א פעראייניגונג אין א סינדיקאט פון קאפיטאליסטען.

syndica'tion *n.* (סינ-די-קיי'-שאן) דאס אויסבילדען א סינדיקאט [א פראפעסיאנעלע פעראייניגונג פון קאפיטאליסטען אדער ארבייטער].

syn'drome *n.* (סינ'-דרא-מי) אין מעדיצין — דאס צוזאמענטרעפען זיך פון אלע סימפטאמען פון א קראנקהייט.

syndyas'mian *a.* (סינ-די-עס'-מי-ען) וואס איז שייך צו פארונג [פון חיות]; געשלעכטליך, וואס איז שייך צו פארונג אדער געשלעכטליכען צוזאמענלעבען [ביי חיות].

synec'doche *n.* (סי-נעק'-דא-קי) אין רעטאריק — די סינעקדאכע, אן אויסדרוקס־פארם, וואו א טייל ווערט געברויכט אנשטאט א גאנצע [ווי למשל, דאס ברויכען דאס ווארט "הענד" אנשטאט "ארבייטער"].

synecdoch'ical *a.* (סינ-עק-דאק'-אי-קעל) סינעקדאכיש; וואס איז שייך צו א סינעקדאכע. ז. *synecdoche*.

synecdoch'ically *adv.* (סינ-עק-דאק'-אי-קעל-אי) אויף א סינעקדאכישען שטייגער; דורך סינעקדאכען. ז. *synecdoche*.

synechi'a *n.* (סינ-ע-קאי'-א) אין מעדיצין — די סינעכיע [א פערוואקסונג פון דער אירים מיט דער הארן־הויט אין אויג].

synecphone'sis *n.* (סי-נעק-פא-ני'-סים) אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער צוויי וואקאלען אין איינעם.

syned'rial *a.* (סי-נעד'-רי-על) וואס איז שייך צום סנהדרין. ז. *synedrion*.

syned'rion *n.* (סי-נעד'-רי-אן) דער סנהדרין [דאס העכסטע געריכט ביי די פארצייטיגע אידען].

syned'rium *n.* (סי-נעד'-רי-אם) ז. *synedrion*.

syner'esis *n.* (סי-נער'-ע-סים) ז. *synæresis*.

synerget'ic *a.* (סינ-ער-דזשעט'-איק) מיטווירקענד, בעהילפיג, ארבייטענד צוזאמען.

syn'ergism *n.* (סינ'-ער-דזשיזם) סינערגיזם [די טעאריע אין דער קריסטליכער טעאלאגיע, דאס דער מענש מוז אליין מיטווירקען צו דערגרייכען אייביגען גן עדן. דיעזע טעאריע בעציהט זיך אויף דער בעהויפטונג, דאס די מענשליכע נשמה האט ניט פערלארען איהרע נייגונגען צו הייליגקייט און זעליגקייט דורך דעם זינדפאל פון אדם הראשון].

syn'ergist *n. and a.* (סינ'-ער-דזשיסט) א סינערגיסט, אן אנהענגער פון סינערגיזם; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. *synergism*.

synergis'tic *a.* (סינ-ער-דזשיס'-טיק) מיטווירקענד, ארבייטענד צוזאמען, בעהילפיג; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. *synergism*.

synergis'tical *a.* (סינ-ער-דזשיס'-טי-קעל) ז. *synergistic*.

syn'ergy *n.* (סינ'-ער-דזשי) א צוזאמענווירקונג, א מיטווירקונג, א צוזאמענארבייטען.

Syngene'sia *n.* (סינ-דזשע-ני'-סי-א) די רעהרען־בייטעלדיגע בלומען [דער מין פלאנצען וואס זייער שטויב־בייטעל איז אויסגעוואקסען ווי א רעהרעל].

syngene'sian *a.* (סינ-דזשע-ני'-שען) וואס איז שייך אדער וואס געהערט צו די רעהרען־בייטעלדיגע בלומען.

Syng'nathus *n.* (סינג'-ניי-טהאס) דער מין נאדעל־פיש אדער ים־נאדלען [אזעלכע לאנגע שמאלע ים־פיש]. ז. *pipe-fish*.

syn'graph *n.* (סינ'-גרעף) א געמיינזאם אונטערשריבענער דאקומענט, א קאנטראקט וואס איז אונטערגעשריבען פון ביידע צדדים.

synize'sis *n.* (סינ-אי-זי'-סים) די פערשליסונג אדער אויסלעשונג פון דעם שווארץ־אפעל פון אויג [וואס פיהרט צו פאלשטענדיגער בלינדקייט]; אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי וואקאלען אין א ווארט צו בילדען פון זיי איין זילבע.

syn'ocha *n.* (סינ'-א-קא) אן אנהאלטענדער ענטצינדונגס־פיבער.

syn'ochus *n.* (סינ'-א-קאס) ז. *synocha*.

syn'od *n.* (סינ'-אד) א סינאד, א רעליגיאנס־ראטה, א קירכען־ראטה; א צוזאמענקונפט, א קאנווענציאן, א בעראטונגס־פערזאמלונג; אין אסטראנאמיע — א צוזאמענטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פלאנעטען אדער שטערען.

syn'odal *a. and n.* (סינ'-אד-על) סינאדיש, וואס געהערט צו א סינאד אדער צו א רעליגיאנס־ראטה; א קאנסטיטוציאן אנגענומען אויף א קירכען־ראטה.

synod'ic *a.* (סי-נאד'-איק) ז. *synodical*.

synod'ical *a.* (סי-נאד'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאד אדער צו א קירכען־ראטה; אין אסטראנאמיע — וואס איז שייך צו דער צונויפטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פלאנעטען אדער שטערען.

synod'ically *adv.* (סי-נאד'-אי-קעל-אי) דורך דער מאכט אדער אויטאריטעט פון סינאד; אין א סינאד, אין א קירכען־ראטה.

synod'ical month (סי-נאד'-אי-קעל מאנטה) א סינאדישער מאנאט [די צייט וואס פערגעהט פון א בעשטימטער פאזע פון דער לבנה ביז זי קעהרט זיך אום צוריק צו דערזעלביגער פאזע, ווי פון איין אלט־חדש ביז צום אנדערען].

syn'odist *n.* (סינ'-אד-איסט) אן אנהענגער פון א סינאד אדער קירכען־ראטה.

syn'omosy *n.* (סינ'-א-מאו-סי) א געהיימע געזעלשאפט, א געשווארענע ברודערשאפט; א קאנספיראציע; א חברה קאנספיראטארם.

syn'onym *n.* (סינ'-א-נים) א סינאנים, א ווארט פון דערזעלביגער בעדייטונג; א ווארט וואס האט כמעט דיזעלביגע בעדייטונג וואס אן אנדער ווארט.

synon'yma *n.* (סי-נאנ'-אי-מא) סינאנימען. ז. *synonym*.

syn'onyme *n.* (סינ'-א-נים) ז. *synonym*.

synonym'ic *a.* (סינ-א-נימ'-איק) וואס איז סינאנים; וואס איז שייך צו א סינאנים אדער צו סינאנימען. ז. *synonym*.

synonym'ical *a.* (סינ-א-נימ'-אי-קעל) ז. *synonymic*.

synonym'ics *n.* (סינ-א-נימ'-איקס) ז. *synonymy*.

synon'ymist *n.* (סי-נאנ'-אי-מיסט) א סינאנימיקער, איינער וואס זאמעלט און ערקלערט סינאנימען. ז. *synonym*.

synonym'ity *n.* (סינ-א-נימ'-אי-טי) דאס זיין סינאנים, דאס אויסדריקען דעמזעלבען זין.

synon'ymize *v.* (סי-נאנ'-אי-מאיז) אויסדריקען אדער ערקלערען דורך סינאנימען, אויסדריקען מיט פערשיעדענע ווערטער פון דערזעלביגער בעדייטונג.

synon'ymous *a.* (סי-נאנ'-אי-מאס) סינאנים, פון דערזעלביגער בעדייטונג; וואס דריקט אוים דעמזעלבען געדאנק.

synon'ymously *adv.* (סי-נאנ'-אי-מאס-לי) מיט דערזעלביגער בעדייטונג, אין דעמזעלביגען זין, אויף דעם אופן פון א סינאנים.

synon'ymy *n.* (סי-נאנ'-אי-מי) דאס זיין סינאנים, דאס האבען דיזעלביגע בעדייטונג [וועגען פערשיעדענע ווערטער]; א זאמלונג פון סינאנימען [פערשיעדענע ווערטער, וואס האבען א גלייכע בעדייטונג]; דאס אויסדריקען א געדאנק דורך סינאנימען.

synop'ses *n.* (סי-נאפ'-סיז) סינאפסיסען, צוזאמענפאסענדע איבערזיכטען; קאנספעקטען. ז. *synopsis*.

synop'sis *n.* (סי-נאפ'-סים) א סינאפסיס, א צוזאמענפאסענדע איבערזיכט, א קיצור, א קורצע ווידערהאלונג; א קאנספעקט.

synop'tic *a. and n.* (סי-נאפ'-טיק) סינאפטיש, קורץ צוזאמענגעפאסט; וואס גיט א קורץ־געפאסטע איבערזיכט, א קצור אדער א קאנספעקט; איינער פון די סינאפטישע אדער קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס; איינער פון די שרייבער פון די קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מארק, לוקום און מאטעאום].

synop'tical *a.* (סי-נאפ'-טי-קעל) סינאפטיש, קורץ־געפאסט.

synop'tically *adv.* (סי-נאפ'-טי-קעל-אי) סינאפטיש, אויף א קורץ־געפאסטען אופן, אזוי ווי אין א קורצער איבערזיכט, בקיצור.

synop'tist *n.* (סי-נאפ'-טיסט) א סינאפטיסט, איינער פון די שרייבער פון די סינאפטישע אדער קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מאטעאום, מארק און לוקום].

synoptis'tic *a.* (סינ-אפ-טיס'-טיק) סינאפטיש, קורץ־געפאסט; וואס איז שייך צו א סינאפטיסט. ז. *synoptist*.

synosteog'raphy *n.* (סי-נאס-טי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג אדער אבהאנדלונג וועגען די געלענקען.

synosteol'ogy *n.* (סי-נאס-טי-אל'-א-

דזשי) די וויסענשאפט וועגען די געלענקען פון קערפער.

synosteo'sis *n.* (סי-נאס-טי-או'-סים) די פעראייניגונג דורך ביינער, די צונויפוואקסונג פון ביינער.

Syno'tus *n.* (סי-נאו'-טאס) א מין פלעדערמייז מיט לאנגע אויערען.

syno'via *n.* (סי-נאו'-ווי-א) דער געלענקען-שליים, דער גליעדער-זאפט [די פייכטקייט וואס געפינט זיך צווישען די געלענקען פון קערפער].

syno'vial *a.* (סי-נאו'-ווי-על) וואס איז שייך צום גליעדער-זאפט, וואס ענטהאלט גליעדער-זאפט אדער געלענקען-שליים.

syntac'tic *a.* (סינ-טעק'-טיק) אין גראמאטיק — סינטאקטיש, וואס איז שייך צו סינטאקסיס [די לעהרע ווי עס דארפען צונויפגעשטעלט ווערען די ווערטער אין זעצע].

syntac'tical *a.* (סינ-טעק'-טי-קעל) ז. *syntactic*.

syntac'tically *adv.* (סינ-טעק'-טי-קעל-אי) לויט סינטאקסיס, אין איינקלאנג מיט סינטאקסיס. ז. *syntax*.

syn'tax *n.* (סינ'-טעקס) סינטאקסיס, זאץ-לעהרע [די אבטיילונג פון גראמאטיק, וועלכע לערענט ווי צוזאמענצושטעלען ווערטער אין זעצע].

syntere'sis *n.* (סינ-טי-רי'-סים) די פערהיטענדע בעהאנדלונג פון קראנקהייטען. ז. *prophylaxis*.

synteret'ic *a.* (סינ-טי-רעט'-איק) וואס פערהיט אדער ערהאלט דאס געזונד, וואס פערהיט פון א קראנקהייט.

synteret'ics *n.* (סינ-טי-רעט'-איקס) היגיענע. ז. *hygiene*.

syntex'is *n.* (סינ-טעק'-סים) אבמאגערונג פון קערפער, אויסצעהרונג, אבצעהרונג.

synther'mal *a.* (סינ-טהויר'-מעל) וואס האט דיזעלביגע טעמפעראטור.

syn'thesis *n.* (סינ'-טהע-סים) א סינטעזע, א צוזאמענזעצונג, א פעראייניגונג פון בעזונדערע עלעמענטען אין איין נייער פארם; אין לאגיק — די סינטעזע, די פעראייניגונג פון איינפאכע זעצע אדער בעגריפען אין א נייעם העכערען בעגריף; דאס ציהען דעם לאגישען שלוס פון אז אנגענומענעם פרינציפ, דאס ארויספיהרען א פרט פון א כלל; אין גראמאטיק — דאס פעראייניגען אין איין ווארט דעם ווארצעל פון א ווארט מיט זיינע פארמאטיווע טיילען [די טיילען, וועלכע גיבען צו דעם ווארט א בעשטימטע גראמאטיקאלישע פארם]; אין כעמיע — די אויסבילדונג פון א כעמישען קערפער דורך דער צוזאמענזעצונג פון זיינע בעזונדערע בעשטאנדטיילען [ווי די אויסבילדונג פון וואסער דורך דער צוזאמענזעצונג פון וואסערשטאף מיט זויער-שטאף]; אין כירורגיע — דאס צוזאמענשטעלען אדער דאס פעראייניגען די צובראכענע אדער פאנאנדערגעטיילטע טיילען פון אן אבר; אין אקוסטיק — קאמבינירען אדער פעראייניגען צוויי אדער עטליכע קלאנגען פון פערשיעדענער שטארקייט.

syn'thesize *v.* (סינ'-טהע-סאיז) פערבינדען, פעראייניגען, מאכען א סינטעזיס. ז. *synthesis*.

synthet'ic *a.* (סינ-טהעט'-איק) סינטהעטיש, צוזאמענזעצענד, פערבינדענד, פעראייניגענד. ז. *synthesis*.

synthet'ical *a.* (סינ-טהעט'-אי-קעל) ז. *synthetic*.

synthet'ically *adv.* (סינ-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א סינטהעטישען אופן, צוזאמענזעצענדיג, פעראייניגענדיג, פערבינדענדיג. ז. *synthesis*.

synthet'ic meth'od (סינ-טהעט'-איק מעטה'-אד) די סינטהעטישע מעטאדע [די מעטאדע ארויסצוגעהן פון אלגעמיינע פרינציפען און ארויסצודרינגען פון זיי די שלוס-פאלגערונגען].

synthet'ic philos'ophy (סינ-טהעט'-איק פי-לאס'-א-פי) די סינטעטישע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון הערבערט ספענסער, וועלכע שטרעבט אויסצוגעפינען איין גרונד-פרינציפ, וואס זאל זיין דער פונדאמענט פון אלע געזעצען פון די איינצעלנע וויסענשאפטען, ווי פיזיק, כעמיע, ביאלאגיע, פסיכאלאגיע, סאציאלאגיע און עטהיק. דיעזער גרונד-פרינציפ — דאס איז די עוואלוציאן, די לאנגזאמע ענטוויקלונג פון די איינפאכסטע פארמען ביז די קאמפליצירטעסטע. דיעזע ענטוויקלונג קומט פאר אין א צווייענדיגער ריכטונג. דער איינפאכער און איינפערמיגער שטאף, פון וועלכען די וועלט האט זיך אנגעהויבען, ווערט אלץ מעהר דיפערענצירט, ד. ה. ער טיילט זיך און ווערט אלץ מעהר פערשיעדענארטיג און פערשיעדענפערמיג. נאר אין דערזעלבער צייט ווי עס וואקסט אט די דיפערענצירונג, וואקסט פון דער אנדערער זייט די אינטעגרירונג, ד. ה. די צוזאמענבינדונג פון פערשיעדענארטיגע טיילען און פארמען אין איין ארגאנישען גאנצען.

synton'ic *a.* (סינ-טאנ'-איק) ז. *syntonous*.

syn'tonous *a.* (סינ'-טא-נאס) אין מוזיק — שארף, דורכדרינגענד.

syntrop'ic *a.* (סינ-טראפ'-איק) וואס דרעהט זיך אין דערזעלבער ריכטונג.

sy'pher-joint *n.* (סאי'-פער-דזשאינט) א פערבינדונג פון צוויי ברעטער-ענדען דורך אריבערלעגען איינעם אויף דעם אנדערען.

syph'ilis *n.* (סיפ'-אי-לים) סיפילים, פראנצען [א וועגערישע קראנקהייט].

syphilit'ic *a.* (סיפ-אי-ליט'-איק) סיפיליטיש, אנגעשטעקט מיט סיפילים אדער פראנצען; וואס איז שייך צו סיפילים.

syphiliza'tion *n.* (סיפ-אי-לי-זיי'-שאן) די היילונג אדער פערהיטונג פון סיפילים דורך איינשפריצונגען פון סיפילים-גיפט אין קערפער אום איהם צו מאכען אונעמפפינדליך פאר די סיפילים-באצילען.

syph'ilize *v.* (סיפ'-אי-לאיז) איינשפריצען סיפילים-גיפט אין קערפער אלס רפואה געגען סיפילים.

syphilog'raphy *n.* (סיפ-אי-לאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון סיפילים.

syph'iloid *a.* (סיפ'-אי-לאיד) עהנליך צו סיפילים.

syphilol'ogy *n.* (סיפ-אי-לאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען סיפילים.

sy'phon *n. and v.* (סאי'-פאן) ז. *siphon*.

syphon'ic *a.* (סאי-פאנ'-איק) ז. *siphonic*.

sy'ren *n. and a.* (סאי'-רען) ז. *siren*.

Syr'ia *n.* (סיר'-אי-א) דאס לאנד סיריען [אין אזיען].

Syr'iac *a. and n.* (סיר'-אי-עק) סיריש; וואס איז שייך צו דער סירישער שפראך אדער צו סיריען; די סירישע שפראך [איז עהנליך צו אראמיש אדער כאלדעאיש].

Syr'iacism *n.* (סיר'-אי-ע-סיזם) די אייגענטימליכקייטען פון דער סירישער שפראך, א סירישער אידיאם [אייגענטימליכער אויסדרוק].

Syr'ian *a. and n.* (סיר'-אי-ען) סיריש, וואס איז שייך צו סיריען; א סיריער, א געבארענער אדער איינוואהנער פון סיריען.

Syr'ianism *n.* (סיר'-אי-ענ-איזם) ז. *Syriacism*.

Syr'iarch *n.* (סיר'-אי-ארק) דער הויפט-פריסטער פון סיריען, ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער רוימישער אימפעריע.

syrin'ga *n.* (סי-רינ'-גא) דער ווילדער יאסמין [אזא בוימעל מיט גרויסע ווייסע בלומען פון זעהר א שטארקען ארא מאט]; דער טערקישער פליעדער [אזא בוימעל וואס זיינע בלעטער און בליהונג ווערען בענוצט אין מעדיצין].

syr'inge *n. and v.* (סיר'-אינדזש) א שפריצער; א קליינע פומפ; שפריצען; איינשפריצען.

syr'ingeful *n.* (סיר'-אינדזש-פול) אזוי פיעל וויפיעל א שפריצער קען אין זיך ארייננעהמען.

syringi'tis *n.* (סיר-אינ-דזשאי'-טים) ענטצינדונג פון דעם אויסטאכישען ראהר. ז. *syrinx*.

syringot'omy *n.* (סיר-אינ-גאט'-א-מי) דער פיסטעל-שנים, די אויסשניידונג פון א פיסטעל. ז. *fistula*.

syr'inx *n.* (סיר'-אינקס) דער אויסטאכישער ראהר [דער ראהר ביי א קינד אין מוטער'ס בויך, וואס פערבינדעט דעם אויער מיט דעם מויל]; דער שטים-ארגאן ביי א פויגעל; א פיסטעל [ז. *fistula*]; א פאסטוך-פייפעל.

syr'tic *a.* (סויר'-טיק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א זאמד-באנק [אין ים].

syr'tis *n.* (סויר'-טים) א זאמד-באנק [אין ים].

syr'up *n. and v.* (סיר'-אפ) סיראפ; צוקער-זאפט; צוקער-וואסער; בעשמירען מיט סיראפ; זים מאכען דורך סיראפ.

syr'upy *a.* (סיר'-אפ-אי) סיראפדיג.

syssarco'sis *n.* (סים-אר-קאו'-סים) א פלייש-פערבינדונג, די פערבינדונג פון איין ביין מיט דעם אנדערען דורך מוסקולען.

systal'tic *a.* (סים-טעל'-טיק) צוזאמענציהענד און פאנאנדערציהענד, פולסירענד [ווי דאס הארץ].

sys'tem *n.* (סים'-טעם) א סיסטעם; א פלאן; אן ארדנונג; א סדר, א שטה, א מעטאדע; אין וויסענשאפט און פילאזאפיע — א זאמלונג פון פרינציפען און פאקטען וועלכע זיינען לאגיש פערבונדען צווישען זיך; א גאנצעס וואס איז צונויפגעשטעלט פון א רייה בעשטאנדטיילען; א צוזאמענשטעלונג; דאס געבוי אדער די צונויפשטעלונג פון קערפער.

systemat'ic *a.* (סים-טע-מעט'-איק) סיסטעמאטיש, וואס איז מיט א סיסטעם אדער ארדנונג, מעטאדיש; וואס איז שייך צו דעם וועלט-סיסטעם אדער צו דער וועלט-ארדנונג.

systemat'ical *a.* (סים-טע-מעט'-אי-קעל) ז. *systematic*.

systemat'ically *adv.* (סים-טע-מעט'-אי-קעל-אי) מיט א סיסטעם, מיט אן ארדנונג, מיט א סדר; סיסטעמאטיש, לויט א בעשטימטער שטה אדער מעטאדע.

systematisa'tion *n.* (סים-טע-מעט-
אי-זיי'-שאַן) ז. *systematization*

sys'tematise *v.* (סים'-טעמ-ע-טאַיז)
ז. *systematize*

sys'tematism *n.* (סים'-טעמ-ע-טיזם)
סיסטעמאַטיזירונג, דאָס צונויפשטעלען אין
אַ סיסטעם, סיסטעמאַטישקייט.

sys'tematist *n.* (סים'-טעמ-ע-טיסט) אַ
סיסטעמאַטיקער, איינער וואָס בילדעט אַ
סיסטעם, איינער וואָס איז אַ קענער אין די
סיסטעמען אָדער קלאַסיפיקאַציאָנען פון
נאַטור⸗געשיכטע; איינער וואָס האַלט זיך
אָן אַ סיסטעם; אַ צו⸗גרויסער מקפיד
אויף פאָרמאַליטעטען.

systematiza'tion *n.* (סים-טע-מעט-
אי-זיי'-שאַן) די סיסטעמאַטיזירונג, דאָס
ברייִנגען אין אַ סיסטעם, דאָס ברייִנגען
אין אַן אָרדנונג.

sys'tematize *v.* (סים'-טעמ-ע-טאַיז)
סיסטעמאַטיזירען, ברייִנגען אין אַ סיס⸗
טעם, ברייִנגען אין אַ וויסענשאַפטליכער
אָרדנונג.

sys'tematizer *n.* (סים'-טעמ-ע-טאַי-
זער) אַ סיסטעמאַטיזירער, איינער וואָס
ברייִנגט אין אַ סיסטעם.

systematol'ogy *n.* (סים-טעמ-ע-טאָל'-
אָ-דזשי) די וויסענשאַפט וועגען אויפשטע⸗
לען סיסטעמען אָדער פון סיסטעמאַטיזי⸗
רונג.

system'ic *a.* (סים-טעמ'-איק) סיסטע⸗
מאַטיש, מיט אָרדנונג; וואָס געהערט צו
אַ סיסטעם; וואָס געהערט צום געבוי אָדער
צו דער צוזאַמענשטעלונג פון קערפּער.

system'ically *adv.* (סים-טעמ'-אי-
קעל-אי) לויט אַ סיסטעם; אין דער גאַנ⸗
צער קערפּער⸗סיסטעם, אין גאַנצען קערפּער.

systemiza'tion *n.* (סים-טעמ-אי-זיי'-
שאַן) ז. *systematization*

sys'temize *v.* (סים'-טעמ-אַיז)
ז. *systematize*

sys'temizer *n.* (סים'-טעמ-אַי-זער)
ז. *systematizer*

sys'temless *a.* (סים'-טעמ-לעס) סיס⸗
טעמלאָז, אָהן אַ סיסטעם.

sys'tem-ma'ker *n.* (סים'-טעמ-מיי'-
קער) אַ סיסטעמען⸗מאַכער, אַ סיסטעמען⸗
פאַבריצירער.

sys'tem-mon'ger *n.* (סים'-טעמ-מאַנ'-
גער) אַ סיסטעמען⸗פאַבריצירער.

sys'tole *n.* (סים'-טאָ-לי) די רעגולערע
צונויפציהונגען פון האַרץ צוליעב וועלכער
דאָס בלוט ווערט געטריבען אין די פּער⸗
שיעדענע קערפּער⸗טיילען; אין גראַמאַ⸗
טיק — די פערקירצונג פון אַ לאַנגער
זילבע.

systol'ic *a.* (סים-טאָל'-איק) וואָס איז
שייך צו דער צוזאַמענציהונג פון האַרץ;
וואָס איז שייך צו דער פערקירצונג פון אַ
זילבע.

sys'tyle *a.* (סים'-טאַיל) אין אַרכיטעק⸗
טור — וואָס איז מיט זיילען, וועלכע
שטעהען נאָהנט איינער צום אַנדערען.

syzyget'ic *a.* (סיז-אי-דזשעט'-איק) אין
מאַטעמאַטיק — וואָס איז שייך צו אַ לי⸗
נעאַלער בעציהונג אָדער צו אַ לינעאַרען
אויסדרוק [אַן אויסדרוק וואָס ווערט פאַר⸗
געשטעלט דורך אַ ליניע].

syz'ygy *n.* (סיז'-אי-דזשי) אין אַסטראָ⸗
נאָמיע — די צוזאַמענטרעפונג פון אַ פּלאַ⸗
נעט מיט דער זון אָדער די צוזאַמענטרע⸗
פונג פון צוויי שטערען אין איין מערי⸗
דיאַן⸗ליניע אין נעגענגעזעצטע פּונקטען;
אין מאַטעמאַטיק — אַ לינעאַרע בעציהונג
אָדער פונקציאָן; אין דער גריכישער פּאָ⸗
עזיע — אַ קאָמבינאַציאָן אָדער גרופּע פון
צוויי פּערזען⸗פיס.

T

T, t (טי) דער צוואַנציגסטער בוכשטאַב
פון דער *a-b-c*

tab *n.* (טעב) אַ רעכנונג; אַ לעפּעל; אַ
שוך⸗אויערעל; אַ נאָכהענגענדער טייל פון
עפּעס; אַ נאָכהענגענדער אַרבעל [פון אַ
קינדערשען יאַקעל].

tabaco'sis *n.* (טעב-ע-קאָו'-סיס) אַ
כראָנישע טאַבאַק⸗פערגיפטונג [קומט פון
איינאָטעמען טאַבאַק⸗שטויב].

taba'nus *n.* (טע-ביי'-נאָס) די פיה⸗
פליעג, די פערד⸗פליעג. ז. *gadfly*

tab'ard *n.* (טעב'-אַרד) אַזאַ פּאַרצייטי⸗
גער מאַנטעל פון גראָבען שטאָף; אַ וואָ⸗
פען⸗ראָק [אַ מאַנטעל מיט קורצע אַרבעל
וואָס די מיטעלאַלטערליכע ריטער פלעגען
טראָגען איבער די וואָפען]; אַ העראַלד⸗
ראָק [אַ מאַנטעל אָהן אַרבעל וואָס עס
פלעגען טראָגען די מיטעלאַלטערליכע הע⸗
ראָלדען].

tab'arder *n.* (טעב'-אַר-דער) אַ טרע⸗
גער פון אַזאַ מיטעלאַלטערליכען מאַנטעל;
אַ ריטער, אַ העראָלד. ז. *tabard*

tab'aret *n.* (טעב'-ע-רעט) אַ מין גע⸗
שטרייפטער זיידענער מעבעל⸗שטאָף.

tabas'co *n.* (טע-בעס'-קאָו) אַ שאַרפער
שמעקענדער סאָוס געמאַכט פון שפּאַנישען
פעפער; די זאָמען פון שפּאַנישען פעפער.

tabasheer' *n.* (טעב-ע-שיער') באַמבוס⸗
זאַפט אָדער באַמבוס⸗צוקער [אַזאַ קראַנ⸗
מאַל⸗עהנליכער שטאָף אין באַמבוס⸗בוי⸗
מער].

tabashir' *n.* (טעב-ע-שיער')
ז. *tabasheer*

tab'binet *n.* (טעב'-אי-נעט) אַזאַ האַלב⸗
וואָלענער, האַלב⸗זיידענער מעבעל⸗שטאָף.

tab'by *n., a. and v.* (טעב'-אי) מאָרע
אָדער מאָאַר, אַ וועלענאַרטיגער זיידען⸗
שטאָף; אַ שימערענדער, וועלענאַרטיגער
שטאָף; אַ קאַץ [אַ "זי"]; אַ געשטרייפּ⸗
טע אָדער גרוי⸗געפלעקטע קאַץ; אַן אַלטע
מויד; אַ רכילות'ניצע; אַ געמיש פון
קאַלך, זאַמד און שטיינדלעך [פון וועלכען
מען מאַכט אַ מין ציגעל]; שימערענד;
וועלענאַרטיג; געפלעקט, געשטרייפט; גע⸗
מאַכט פון אַ וועלענאַרטיגען שטאָף; צוגע⸗
בען אַ וועלענאַרטיגען אויסזעהן [וועגען
צייג].

tab'by-cat' *n.* (טעב'-אי-קעט') אַ גע⸗
שטרייפטע אָדער גרוי⸗געפלעקטע קאַץ; אַ
קאַץ [אַ "זי"].

tabefac'tion *n.* (טעב-אי-פעק'-שאַן)
אויסצעהרונג, שווינדזוכט.

tab'efy *v.* (טעב'-אי-פאַי) 1. אויסצעה⸗
רען, אָבצעהרען; 2. אויסגעצעהרט ווערען.
1. Meat eaten in great quantities **tabefies** the body.

tabel'lion *n.* (טע-בעל'-יאָן) אַ שריי⸗
בער, אַ נאָטאַריוס [אין אַלטען רוים און
פאַרצייטענס אין פראַנקרייך].

taber'na *n.* (טע-ביר'-נאַ) אין פאַר⸗
צייטיגען רוים — אַ געצעלט, אַ בודע, אַ
שטעל, אַ קראָם, אַ ווערקשטאַט.

tab'ernacle *n. and v.* (טעב'-ער-נעקל)
אַ געצעלט אַ סוכה, אַ פּאַוויליאָן, אַ ביי⸗
דעל; דער אהל מועד [דאָס הייליגע גע⸗
צעלט ביי די אידען אין משה'ס צייטען];
אַ וואָהנונג, אַן אויפהאַלטונגס⸗אָרט, אַ
צייטווייליגע וואָהנונג; דער מענשליכער
קערפּער [אַלס צייטווייליגער אויפהאַל⸗
טונגס⸗פּלאַץ פאַר דער נשמה]; אַ געבעט⸗
הויז; אַ קירך; אַ טאַבערנאַקעל [אַ קע⸗
מערעל פאַר'ן הייליגען ברויט אין די קאַ⸗
טוילישע קירכען]; צייטווייליג וואָהנען
אָדער זיך אויפהאַלטען.

tab'ernacle-work *n.* (טעב'-ער-נעקל-
הוואָירק) גיטער⸗ווערק, נעץ⸗ווערק; אַ מי⸗
טעלאַלטערליכער בוי⸗סטיל, וועלכער האָט
פאַרגעשטעלט ווי אַ רייה טאַבערנאַקעלס
[בעציערטע קעמערלעך פאַר'ן הייליגען
ברויט אין די קאַטוילישע קירכען].

tabernac'ular *a.* (טעב-ער-נעק'-יו-
לאַר) געצעלט⸗פערמיג, ווי אַ געצעלט;
וואָס איז שייך צו אַ געצעלט אָדער צו אַ
גאָטעס⸗הויז; וואָס איז שייך צום אהל
מועד; וואָס איז שייך צו אַ טאַבערנאַקעל;
רייך בעציערט [וועגען געביידען].
ז. *tabernacle*

taber'næ *n.* (טע-ביר'-ניע) געצעלטען;
בודען; שטעלען. ז. *taberna*

ta'bes *n.* (טיי'-ביעז) אויסצעהרונג, סוכאָ⸗
טע, שווינדזוכט; שווינדזוכט פון רוקען⸗
מאַרך.

tabes'cence *n.* (טע-בעס'-ענס) אויס⸗
צעהרונג; אָבצעהרונג; אָבגעצעהרטקייט;
סוכאָטע, שווינדזיכטיגקייט.

tabes'cent *a.* (טע-בעס'-ענט) וואָס
ליידט פון אויסצעהרונג, שווינדזיכטיג.

tabet'ic *a. and n.* (טע-בעט'-איק)
שווינדזיכטיג; וואָס האָט אויסצעהרונג
[פון רוקען⸗מאַרך]; איינער וואָס ליידט
פון אויסצעהרונג אָדער סוכאָטע; אַ
שווינדזיכטיגער; איינער וואָס ליידט פון
שווינדזוכט פון רוקען⸗מאַרך.

tab'ic *a.* (טעב'-איק) שווינדזיכטיג;
וואָס איז שייך צו אָדער וואָס ליידט פון
סוכאָטע, אויסצעהרונג אָדער שווינדזוכט
[פון רוקען⸗מאַרך].

tab'id *a.* (טעב'-איד) אָבגעצעהרט;
שווינדזיכטיג.
For a **tabid** person milk is the best restorative.

tab'idly *adv.* (טעב'-איד-לי) אויף אַ
שווינדזיכטיגען אָדער אויסצעהרענדען
אופן.

tab'idness *n.* (טעב'-איד-נעס) אָבגע⸗
צעהרטקייט, אויסצעהרונג; שווינדזיכטיג⸗
קייט.

tabif'ic *a.* (טע-ביפ'-איק) אויסצעהרענד.

tab'inet *n.* (טעב'-אי-נעט)
ז. *tabbinet*

tab'itude *n.* (טעב'-אי-טיוד) אבגעצעהרטקייט.

tab'lature *n.* (טעב'-לע-טשור) טאבלאטור, טאבולאטור, וואנד=מאלעריי; דעקענמאלעריי, פרעסקען; א פארצייטיגע נאטען=בעצייכנונג דורך בוכשטאבען און ציפערען אנשטאט נאטען; אין אנאטאמיע— די פאנאנדערטיילונג פון דעם שארבען אויף די ביינער=פלאטען.

ta'ble *n., a. and v.* (טייבל) 1. א טיש; א ברעט, א טאפעל, א טאוועל; א לוח, א פלאטע; א שפיעל=ברעט; אן אבדאך; א געזימס; איינער פון די ביינער=פלאטען פון דעם שארבען; א בעציערטע מצבה אדער א געוועלבטע געביידע איבער א קבר; 2. טיש=דעקונג, שפייזען; קעסט; 3. א טיש=קאמפאניע [צום עסען, שפיעלען א. ז. וו.]; 4. אן אפיציעלע קערפערשאפט; 5. א פלעכע, א פלאכע געגענד; 6. די האנד=פלעכע [דלאניע]; 7. אן אויפשריפט אדער צייכנונג אויף א פלאטע אדער פלעכע; 8. א טאבעלע, א ליסטע, א קאטאלאג, א צעטעל, א רעגיסטער; א צעטעל פון קורצע אויסציגע אדער איינצעלהייטען; 9. וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א טיש; עהנליך צו א טיש [אין פארם]; 10. מאכען א טאבעלע אדער ליסטע; 11. ארויסלעגען אויף'ן טיש, בעצאהלען אויף'ן ארט; 12. אבלעגען אויף דערוויל [א פראגע, א רעזאלוציאן א. ז. וו.]; 13. איינפעסטיגען צוויי ברעטער; 14. זיין אויף קעסט, זיך שפייזען.

2. She always keeps a good **table.** 4. The Hungarian Diet is divided into the **Table** of Magnates and the **Table** of Deputies. 7. The two **tables** of the law. 8. The child studies the multiplication **table.** 12. The resolution was **tabled** by a unanimous vote.

tableau' *n.* (טעב-לאו') א בילד, א בילדליכע פארשטעלונג; א לעבעדיג בילד [א סצענע אדער בילד פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען]; א טאבעלע, א קאטאלאג, א ליסטע, א צעטעל.

tableau' vivant' (טעב-לאו' ווי-וואן') א לעבעדיג בילד [א בילד אדער סצענע פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען].

ta'ble beer (טייבל ביער) טיש=ביער [א שוואכער ביליגער ביער פאר טיש=געברויך].

ta'ble-board *n.* (טיי'בל-באורד) א שפיעל=ברעט; א טיש; קעסט [אהן לאזשי אדער קווארטיר].

ta'ble-book *n.* (טיי'בל-בוק) א נאטיץ=בוך, אן אנמערקונגס=בוך; א בוך מיט מאטעמאטישע טאבעלען; א בוך וואס ליעגט אויף'ן טיש [פאר געסט זיי זאלען האבען אין וואס אריינצוקוקען, אום זיי זאלען זיך ניט לאנגוויילען].

ta'ble-chair *n.* (טיי'בל-טשעהר) אזא פארצייטיגער שטוהל, וועלכער האט געקענט פערוואנדעלט ווערען אין א טיש, ווען מען האט אראבגעבויגען דעם לעהן.

ta'ble-cloth *n.* (טיי'בל-קלאהטה) א טישטוך; א טיש=דעק.

ta'ble-clo'thing *n.* (טיי'בל-קלאו'-טהינג) ז. *table-linen*

ta'ble-cov'er *n.* (טיי'בל-קאוו'-ער) א טיש=דעקע.

ta'ble-cut *n. and a.* (טיי'בל-קאט) א געוויסע פארם פון שלייפען עדעלשטיינער [ווי דימענטען, רובינען א. ד. ג.], וואו די פאדערשטע זייט פון שטיין ווערט אבגעשליפען מיט א ברייטער פלעכע און די איבריגע זייטען מיט קליינע, מייסטענס דרייעקיגע, פלעכען; וואס האט א גרויסע אבגעשליפענע פלעכע אויף דער פאדערשטער זייט [וועגען אן עדעלשטיין].

ta'ble cut'lery (טייבל קאט'-לער-אי) גאפעל=מעסער וואס ווערט געברויכט ביים טיש.

ta'ble d'hôte (טאבל דאוט) טאבעל=דא, א געמיינשאפטליכער שפייז=טיש אין א האטעל אדער גאסט=הויז; א פאלשטענדיגער רעגעלמעסיגער מאהלצייט אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין געגענזאץ צו א מאהלצייט וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אוים].

ta'ble d'hôte din'ner (טאבל דאוט דינ'-ער) א רעגעלמעסיגער, פאלשטענדיגער אנבייסען אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין געגענזאץ צו אן אנבייסען וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אוים].

ta'ble-di'amond *n.* (טיי'בל-דאי'-ע-מאנד) א דימענט וואס זיין פאדערשטע זייט איז געשליפען מיט א ברייטער פלעכע.

ta'ble-draw'er *n.* (טיי'בל-דראה'-ער) א טיש=קעסטעל, א שופלאד.

ta'ble entertain'ment (טייבל ענ-טער-טיינ'-מענט) א טיש=פארשטעלונג [א פארשטעלונג פון א זינגער, דעקלאמאטאר א. ז. וו. ניט אויף א ביהנע, נאר ביי א טיש צווישען עולם].

ta'bleful *n.* (טיי'בל-פול) א פולער טיש [אזוי פיעל זאכען וויפיעל עס קענען זיך אויסשטעלען אויף א טיש אדער אזוי פיעל מענשען וויפיעל עס קענען זיך אויסזעצען ארום א טיש].

ta'ble glass (טייבל גלעס) טיש=גלאז [גלעזערנע כלים צום טיש=געברויך].

ta'ble-grin'der *n.* (טיי'בל-גראינ'-דער) אזא שלייף=ברעט אדער שלייף=באנק.

ta'ble-land *n.* (טיי'בל-לענד) הויכעס און פלאכעס לאנד. ז. *plateau*

ta'ble-leaf *n.* (טיי'בל-ליעף) א טיש=קלאפע [א הענגענדעס ברעט ביים ברעג פון א טיש, וואס הויבט זיך אויף, ווען מען וויל מאכען דעם טיש גרעסער]; אן איינזאץ=ברעט אין א טיש וואס קען זיך פאנאנדעררוקען.

ta'ble-lif'ting *n.* (טיי'בל-ליפ'-טינג) דער קונץ צו מאכען, אז א טיש זאל זיך אויפהויבען, ווען מען לעגט אויף איהם ארויף די הענד [ווי דאס ווערט פראקטיצירט פון ספיריטיסטען].

ta'ble-line *n.* (טיי'בל-לאין) אזא אדער אין דער האנד=פלעכע [דלאניע].

ta'ble-lin'en *n.* (טיי'בל-לינ'-ען) טיש=וועש, טיש=צייג [ווי טישטיכער, סערוועטלעך א. ז. וו.].

ta'blement *n.* (טיי'בל-מענט) א פונדאמענט=שטיין [ווי פון א זייל].

ta'ble-mon'ey *n.* (טיי'בל-מאנ'-אי) טיש=געלד [אן עקסטרא סומע געלד וואס ווערט ארויסגעגעבען צו די העכערע בעאמטע אין דער ענגלישער ארמעע און פלאטע פאר אפיציעלע אונטערהאלטונגען; געצאהלט פאר דעם געברויך פון דעם עס=צימער אין א קלוב].

ta'ble moun'tain (טייבל מאונ'-טיין) א בארג מיט א פלאכען שפיץ.

ta'ble-mo'ving *n.* (טיי'בל-מוה'-ווינג) ז. *table-tipping*

ta'ble of contents' (טייבל אוו קאנ-טענטס') אינהאלטס=פערצייכניס.

ta'bler *n.* (טיי'-בלער) א קעסטניק, א קעסט=קינד; איינער וואס האלט קעסטניקעס, א קעסט=געבער; א שאך=ברעט.

ta'ble-rap'ping *n.* (טיי'בל-רעפ'-אינג) דאס קלאפען פון ארויסגערופענע גייסטער אויף'ן טיש [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-rent *n.* (טיי'בל-רענט) א שטייער פאר דער הויז=ווירטשאפט פון א בישאף און אנדערע גייסטליכע [פארצייטענס אין ענגלאנד].

ta'ble-saw *n.* (טיי'בל-סאה) א לאך=זעג אדער שפיץ=זעג. ז. *compass-saw*

ta'ble-ser'vice *n.* (טיי'בל-סויר'-ווים) א טיש=סערוויז, טיש=געשיר, טיש=געפעס.

ta'ble-shore *n.* (טיי'בל-שאור) א נידריגער, פלאכער ברעג.

ta'ble-spar *n.* (טיי'בל-ספאר) דער שאל=שטיין [אזא מינעראל].

ta'ble-spoon *n.* (טיי'בל-ספוהן) אן עס=לעפעל.

ta'ble-spoon'ful *n.* (טיי'בל-ספוהנ'-פול) אן עס=לעפעל=פול [אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין אן עס=לעפעל].

tab'let *n. and v.* (טעב'-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע [הויפטזעכליך מיט אן אויפשריפט]; א בלעטעל פון א נאטיץ=ביכעל, א נאטיץ=ביכעל [געמאכט פון א הארטען שטאף ווי למשל, פון שיפער]; א טאבלעטקע, א פלאטקע [ווי פון שאקאלאד, מעדיצין א. ז. וו.]; איינער פון די ביינער=פלאטען פון דעם קאפ=שארבען; איינפרעסען פלאך, מאכען אין דער פארם פון א טאוועלע אדער טאבלעטקע [ווי למשל, א מעדיצין].

ta'ble-talk *n.* (טיי'בל-טאהק) א טיש=געשפרעך.

ta'ble-talk'er *n.* (טיי'בל-טאהק'-ער) א טיש=רעדנער, א טיש=אונטערהאלטער.

ta'ble-tip'ping *n.* (טיי'בל-טיפ'-אינג) דאס דרעהען אדער בעוועגען א טיש דורך ארויסגערופענע גייסטער [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-tomb *n.* (טיי'בל-טוהם) א טיש=עהנליכער קבר, א קבר צוגעדעקט מיט א מצבה [ביי די פארצייטיגע רוימער].

ta'ble-topped *a.* (טיי'בל-טאפט) מיט א פלאכען אויבערשטען טייל.

tab'lets *n.* (טעב'-לעטס) א נאטיץ=ביכעל; קליינע טאוולען אדער פלאטען. ז. *tablet*

tab'lette *n.* (טעב'-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע; א טאבלעטקע, א פלאטקע. ז. *tablet*

ta'ble-tur'ning *n.* (טיי'בל-טויר'-נינג) ז. *table-tipping*

ta'bleware *n.* (טיי'בל-הוועהר) טיש=געשיר, טיש=געפעס.

ta'ble-work *n.* (טיי'בל-הוואירק) טאבעלען=דרוק, טאבעלען=זאץ.

tabli'na *n.* (טעב-לאי'-נא) פאמיליען=ארכיוון [ביי די פארצייטיגע רוימער]. ז. *tablinum*

ta'bling *n.* (טיי'-בלינג) אן אבדאך, א געזימס; לייווענט פאר טיש=וועש; דער זוים פון א זעגעל; אין אנאטאמיע — טאבלאטור [ז. *tablature*].

tabli'num *n.* (טעב-לאי'-נאם) א פאמיליען=ארכיוו [ביי די פארצייטיגע רוימער].

taboo' *n., a. and v.* (טע-בוה') טאבו [ביי די פאלינעזער און אנדערע איינוואהנער פון די פאסיפישע אינזלען — א חרם, א פערבאט, דאס ערקלערען א זאך אדער פערזאן אלס היילינג אדער אלס פערבאטען]; א פערבאט, א חרם; וואס איז פערבאטען; אונטער א חרם; אונטער דעם חרם פון טאבו; ארויפלעגען א טאבו; ארויפלעגען א חרם; פערבאטען.

ta'bor *n. and v.* (טיי'-באר) א טאמ=

בורין, א האנד-פייקעל; א טאבאר [ביי די פארצייטיגע וואנדערענדע טערקען און סלאווען — א בעפעסטיגונג געמאכט פון וואגענס וועלכע ווערען אויסגעשטעלט אין דער רונד; א בעפעסטיגונג, א פעסטונג]; פייקלען אויף א טאמבורין אדער האנד-פייקעל.



Tabor

ta'borer *n.* (טיי'-באר-ער) א פייקלער; איינער וואס פויקט אויף א טאמבורין אדער האנד-פייקעל.

tab'oret *n.* (טעב'-א-רעט) א קליינער טאמבורין [האנד-פייקעל]; א טאבורעט [א שטוהל אהן א לעהן אדער מיט א זעהר נידריגען לעהן]; א שטיקעריי-ראהם; א נאדעל-טעשעל.

tab'orine *n.* (טעב'-א-רין) א טאמבורין, א האנד-פייקעל, א פייקעל.

ta'bors *n.* (טיי'-בארז) א פערפעסטיגונג מיט באגאזש-זאכען [געגען אן איבערפאל פון קאוואלעריע]; טאבארען; טאמבורינען, האנד-פייקלעך. ז. *tabor*.

ta'bour *n. and v.* (טיי'-באר) א טאמבורין, א האנד-פייקעל; פויקען [אויף א טאמבורין], פייקלען.

ta'bourer *n.* (טיי'-באר-ער) ז. *taborer*.

tab'ouret *n.* (טעב'-או-רעט) ז. *taboret*.

tab'ourine *n.* (טעב'-או-רין) ז. *taborine*.

tab'ret *n.* (טעב'-רעט) א קליינער טאמבורין אדער האנד-פייקעל.

tabu' *n., a. and v.* (טע-בוה') ז. *taboo*.

tab'ula *n.* (טעב'-יו-לא) א טיש; א פלאטע; א הארטע, ברייטע, פלאכע אויבערפלעכע [ווי פון א ביין]; א טאוועל, א לוח; א שריפט, א דאקומענט.

tab'ular *a.* (טעב'-יו-לאר) טאוועל-פערמיג, ברעט-ארטיג; וואס קומט אין שיכטען; ווי א פלאטע, פלאך; אויסגעשטעלט ווי א טאבעלע.

tab'ula ra'sa (טעב'-יו-לא ריי'-סא) א וואקסענער טאוועל מיט אבגעריבענער שריפט; א ליידיגער בלאט, אן אונבעשריבענער בלאט.

tab'ular bones (טעב'-יו-לאר באונז) פלאכע ביינער.

tabula'rium *n.* (טעב-יו-ליי'-רי-אם) אן ארכיוו.

tabulariza'tion *n.* (טעב-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) ז. *tabulation*.

tab'ularize *v.* (טעב'-יו-לאר-איז) צוזאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab'ularly *adv.* (טעב'-יו-לאר-לי) אין דער פארם פון א טאבעלע; מיט דער הילף פון א טאבעלע.

tab'ular spar (טעב'-יו-לאר ספאר) ז. *table-spar*.

tab'ular stan'dard (טעב'-יו-לאר סטענ'-דארד) א מאסשטאב, לויט וועלכען עס ווערט בעשטימט, ווי גרויס עס דארף זיין אין א צייט ארום די סומע געלד פון א חוב, אז זי זאל האבען דיעזעלבע קויף-קראפט וואס זי האט איצטער.

tab'ular work (טעב'-יו-לאר הוואירק) ז. *table-work*.

tab'ulate *v. and a.* (טעב'-יו-לייט) צוזאמענשטעלען אין טאבעלען; מאכען פלאך ווי א ברעטעל אדער א פלאטע; פלאטענפערמיג, פלאך.

tabula'tion *n.* (טעב-יו-ליי'-שאן) דאס צוזאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab'ulator *n.* (טעב'-יו-ליי-טאר) א טאבעלען-צוזאמענשטעלער.

ta'bum *n.* (טיי'-באם) ז. *sanies*.

tac'amahac *n.* (טעק'-ע-מע-העק) טאקאמאהאק [אזא שמעקענדער בוים-זאפט]; א טאקאמאהאק-בוים [פון וועלכען מען בעקומט טאקאמאהאק]; דער באלזאם-פאפעל אדער באלזאם-טאפאל [אזא אמעריקאנישער בוים מיט שמעקענדע בלעטער-שפראצען אדער שפראָץ-אויגלעך].

tacamahac'a *n.* (טעק-ע-מע-העק'-א) טאקאמאהאק; דער טאקאמאהאק-בוים. ז. *tacamahac*.

ta'ce *int.* (טיי'-סי) שא! שטיל!

tache *n.* (טעש) א הויט-פלעק; א הויט-שפרענקעל; א פלעק; א נייגונג; איינער פון א רייה פאנען צום אויסקאכען צוקער.

tacheom'eter *n.* (טעק-אי-אמ'-ע-טער) א געשווינדיגקייטס-מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געשווינדיגקייט פון א מאשין, פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט-צירקולאציאן אין אן אדער. ז. *tachometer*]; אזא לאנד-מעסטונגס-אינסטרומענט [ז. *tachymeter*].

tachom'eter *n.* (טע-קאמ'-ע-טער) א געשווינדיגקייטס-מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט-צירקולאציאן אין אן אדער].

tachom'etry *n.* (טע-קאמ'-ע-טרי) דער געברויך פון א געשווינדיגקייטס-מעסטער. ז. *tachometer*.

tachycar'dia *n.* (טעק-אי-קאר'-די-א) א צו שנעלער פולס.

tachyg'rapher *n.* (טע-קיג'-רע-פער) א טאכיגראף, א סטענאגראף. ז. *tachygraphy*.

tachygraph'ic *a.* (טעק-אי-גרעפ'-איק) טאכיגראפיש, סטענאגראפיש. ז. *tachygraphy*.

tachygraph'ical *a.* (טעק-אי-גרעפ'-אי-קעל) ז. *tachygraphic*.

tachyg'raphy *n.* (טע-קיג'-רע-פי) טאכיגראפיע [סטענאגראפיע ביי די פארצייטיגע רוימער און גריכען]; סטענאגראפיע [א שרייב-סיסטעם דורך אבקירצונגען און צייכענס]. ז. *stenography*.

tachym'eter *n.* (טע-קימ'-ע-טער) אזא לאנד-מעסטונגס-אינסטרומענט.

tac'it *a.* (טעס'-איט) 1. שטיל, שטיל-שווייגענד; 2. ניט אויסגעדריקט אין ווערטער, וואס פערשטעהט זיך פון זיך, וואס פערשטעהט זיך במילא.

2. There was a **tacit** understanding between them that some day he would marry her.

tac'itly *adv.* (טעס'-איט-לי) שטילשווייגענדיג; אהן ווערטער; פערשטאנען פון זיך אליין.

His inability to hold the position was **tacitly** admitted.

tac'iturn *a.* (טעס'-אי-טורן) שווייגעדיג, שווייגזאם, וואס רעדט ווייניג, צוריקגעהאלטען אין רעדען.

Because of his **taciturn** manner we found it hard to reach an agreement with him.

tac'iturnist *n.* (טעס'-אי-טור-ניסט) א שווייגער.

tacitur'nity *n.* (טעס-אי-טור'-ני-טי) שווייגזאמקייט, שווייגעדיגקייט, צוריקגעהאלטענקייט אין רעדען.

tac'iturnly *adv.* (טעס'-אי-טורנ-לי) שווייגעדיג, אויף א שווייגזאמען אופן, צוריקגעהאלטען אין רעדען.

tack *n. and v.* (טעק) א שטיפט, א טשוועקעל; א פערסטריגע; אזא זעגעל-שטריק; א שיפס-ווענדונג, א שיפס-ריכטונג, א דרעה [ביים צופאסען זיך צו דעם ווינד]; א ווענדונג, א ריכטונג, א קורס; אזא בעפעסטיגונג פון א וואסער-רעהר, גאז-רעהר א. ז. וו. צו א וואנד; עטוואס וואס איז צוגענאגעלט, צוגעפעסטיגט, פערבונדען אדער צוזאמענגעסטריגעייעט; בעפעסטיגטקייט, שטאנדהאפטיגקייט; קלעפעדיגקייט, פייכטקייט [פון א געמאלענעם בילד]; שפייז, קעסט; ברויט [אויף דער מאטראזען-שפראך]; בעפעסטיגען מיט שטיפטען; פערסטריגעווען; פעראייניגען, פערבינדען, צוזאמענפעסטיגען; צוטשעפען; ענדערען די ריכטונג, לאווירען, זיך דרעהען, קירעווען.

tack about' (טעק ע-באוט') קירעווען, לאווירען, ענדערען די ריכטונג.

tack'-claw *n.* (טעק'-קלאה) אן אינסטרומענט צום ארויסציהען שטיפטען אדער טשוועקלעך.

tack'-comb *n.* (טעק'-קאום) א רייה שטיפטלעך [אנגעשטאכען אין דער פארם פון א קאם פאר שוסטערס].

tack'-dri'ver *n.* (טעק'-דראי'-ווער) א האמער אדער אן אנדער אינסטרומענט ארייננצושלאגען שטיפטען אדער טשוועקלעך.

tack'er *n.* (טעק'-ער) איינער וואס סטריגעוועט; איינער וואס בעפעסטיגט מיט שטיפטען; איינער וואס בעפעסטיגט אדער בינדט צוזאמען; אן אינסטרומענט ארייננצושלאגען שטיפטען.

tack'et *n.* (טעק'-עט) א שטיפטעל, א טשוועקעל.

tack'ey *a. and n.* (טעק'-אי) ז. *tacky*.

tack'-ham'mer *n.* (טעק'-העמ'-ער) א האמער צום ארייננשלאגען שטיפטען אדער טשוועקלעך [און אויך צום ארויסציהען טשוועקלעך].

tack'iness *n.* (טעק'-אי-נעס) קלעפיגקייט, ציהיגקייט.

tack'le *n. and v.* (טעקל) א פארריכטונג צום אנכאפען, צום פעסטהאלטען, צום הויבען און בעוועגען; טאקעל-ווערק, שיפס-שטריק, הויב-מאשינען [אויף שיפען]; שטריק-ווערק; אן אויסריכטונג, א גאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען [ווי וואפען, שפאן-געצייג, מעכאנישע אינסטרומענטען א. ז. וו.]; דאס אנכאפען; פעסטהאלטונג; צופעסטיגונג; צופעסטיגען, אנכאפען, פעסטהאלטען; זיך ארויפווארפען; זיך ענערגיש א נעהם טהאן [צו אימעצען אדער צו עפעס]; אנטהאן א פערד דאס שפאן-געצייג.

tack'le-block *n.* (טעק'ל-בלאק) דער טאקעל-בלאק [א רעדעל פון א הויב-מא-

שיז, אויף וועלכע עס דרעהט זיך א שטריק].

tack'le-board *n.* (טעק'ל-באורד) א געשטעל געברויכט ביים דרעהען שטריק, צו וועלכען עס בעפעסטיגען זיך די איינצעלנע דיקע פעדים ביים צוזאמענדרעהען זיי.

tack'led *a.* (טעקלד) געמאכט פון שטריק.

tack'led stair (טעקלד סטעהר) א שטריק=לייטער.

tack'le-post *n.* (טעק'ל-פאוסט) א שטריק=דרעה מאשין.

tack'le to (טעקל טו) זיך א נעהם טהאן, זיך אנזעצען.

tack'le up (טעקל אפ) איינשפאנען א פערד, אנטהאן דעם שפאן=געציינג אויף א פערד.

tack'-lif'ter *n.* (טעק'-ליפ'-טער) ז. *tack-claw*.

tack'ling *n.* (טעק'-לינג) טאקעל=ווערק, שטריק=ווערק, שטריק און הויב=מאשינען אויף שיפען; אויסריכטונג, א גאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען וואס זיינען נויטיג פאר עפעס. ז. *tackle*.

tack'y *a. and n.* (טעק'-אי) ציהיג, קלעפיג; אן אויסגעמאגערט פערד; אן אויסגעמאגערטער מענש.

tac'mahack *n.* (טעק'-מע-העק) טאקאמאהאק; דער טאקאמאהאק=בוים. ז. *tacamahac*.

tact *n.* (טעקט) טאקט [שיקליבקייטס=געפיהל, קלוגהייט, פעהיגקייט צו האנדלען און ריידען פאסיג אדער אזוי, אז מען זאל קיינעם ניט בעליידיגען]; דער טאקט [אין מוזיק]; בעריהרונג, אנריהרונג, פיהלונג [מיט די פינגער], אנטאפונג.

tac'table *a.* (טעק'-טעבל) וואס מען קען אנריהרען אדער אנטאפען, פיהלבאר.

tact'ful *a.* (טעקט'-פול) טאקטיש, טאקטפול, קלוג, אויסגערעכענט.

tac'tic *a. and n.* (טעק'-טיק) טאקטיש [אין ריידען אדער בענעהמונג]; וואס איז שייך צו טאקטיק; טאקטיק [די קריעגס=וויסענשאפט, די קונסט אויסצושטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאכען פערשיעדענע מאנעווערען]; א טאקטיק [א האנדלונגס=מעטאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tical *a.* (טעק'-טי-קעל) טאקטיש. ז. *tactic*.

tac'tically *adv.* (טעק'-טי-קעל-אי) מיט טאקט, טאקטיש, לויט טאקטיק. ז. *tactic*.

tac'tical point (טעק'-טי-קעל פאינט) א סטראטעגישער פונקט, א פלאץ וואס איז זעהר וויכטיג צו פערכאפען אדער צו האלטען אויף א שלאכט=פעלד.

tacti'cian *n.* (טעק-טיש'-ען) א טאקטיקער, א קענער אין טאקטיק. ז. *tactics*.

tac'tics *n.* (טעק'-טיקס) טאקטיק [קריעגס=וויסענשאפט, די קונסט אויסצושטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאנעווורירען מיט זיי; א האנדלונגס=מעטאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tile *a.* (טעק'-טיל) 1. וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט אנצוטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג [חוש המשוש]; וואס שאפט בעגריפע דורך פיהלונג אדער אנטאפונג; 2. פיהלבאר, עמפפינדבאר, וואס מען קען אנטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג; 3. וואס איז צוגעפאסט צום פיהלען אדער אנטאפען; 4. וואס בעשטעהט אין פיהלען אדער אנטאפען; וואס קומט פון בעריהרונג; וואס ווערט בעווירקט פון בעריהרונג.

1. Certain portions of the skin possess a specially fine **tactile** sensibility. 3. A bat's wing is a highly **tactile** surface. 4. Our skin is the seat of **tactile** impressions.

tac'tile cor'puscle (טעק'-טיל קאהר'-פאסל) ז. *touch-corpuscle*.

tac'tile sense (טעק'-טיל סענס) דאס אנטאפונגס=געפיהל [חוש המשוש].

tactil'ity *n.* (טעק-טיל'-אי-טי) פיהלבארקייט, עמפפינדבארקייט, פעהיגקייט געפיהלט צו ווערען דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג, פעהיגקייט אנגעטאפט צו ווערען.

tac'tion *n.* (טעק'-שאן) פיהלונג, אנטאפונג, אנריהרונג, בעריהרונג; פעהיגקייט צו פיהלען דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג.

tact'less *a.* (טעקט'-לעס) טאקטלאז, אונגעשיקט, אונפאסיג [אין האנדלען אדער ריידען].

tact'lessness *n.* (טעקט'-לעס-נעס) טאקטלאזיגקייט, אונפאסיגקייט, אונגעשיקטקייט [אין האנדלען אדער ריידען].

tac'tual *a.* (טעק'-טשו-על) וואס גיט איבער פיהלונג דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג; וואס מאכט פיהלען א בעריהרונג; וואס קומט פון אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tually *adv.* (טעק'-טשו-על-אי) דורך אנטאפונג אדער בעריהרונג; אין בעצוג צו אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tus *n.* (טעק'-טאס) אנטאפונגס=געפיהל, חוש המשוש.

tad *n.* (טעד) א קליין אינגעל [הויפטזעכליך א גאסען=קינד].

Tador'na *n.* (טע-דאהר'-נא) דער מין בראנד=ענטלעך. ז. *sheldrake*.

tad'pole *n.* (טעד'-פאול) אן אונענטוויקעלטער פראש, א פראש=ווארים [א פראש אדער זשאבע פון דער צייט ווען זי קומט ארויס פון איי ביז זי קומט צו איהר לעצטער ענטוויקלונגס=שטופע. ז. *metamorphosis*]; אזא קאלבענטויכער מיט א בעוואקסענעם קאפ [ז. *merganser*].

tad'pole-fish *n.* (טעד'-פאול-פיש) א פיש מיט א גרויסען קאפ [ווי ביי אן אונענטוויקעלטען פראש]. ז. *tadpole*.

tæ'dium *n.* (טיע'-די-אם) לאנגווייליגקייט, מיעדקייט; איבערדריסיגקייט.

tæ'dium vi'tæ (טיע'-די-אם וואי'-טיע) לעבענס=מיעדקייט; לעבענס=איבערדרוס; א קראנקהאפטער צושטאנד, ווען מען פיהלט אן אבנייגונג צום לעבען און א נייגונג צו זעלבסטמארד.

tael *h.* (טייל) א טייל אדער טאלע [אן אריענטאלישעס געוויכט פון $1\frac{1}{3}$ אונץ; א כינעזישע מטבע פון אונגעפעהר 78 סענט].

tæ'nia *n.* (טיע'-ני-א) א שטרייף, באנד אדער קארניז פון א זייל; אין אנאטאמיע — א בינטעל נערווען אדער אדערען; אזא לאנגער, שמאלער באנד געברויכט אלס ליגאטור [צו פערבינדען די אדערען בעת אן אפעראציאן, אום צו פערמיידען א בלוט=פלוס]; א באנד=ווארים [אזא פלאכער ווארים אין די געדערים. ז. *tapeworm*].

tæ'niacide *n.* (טיע'-ני-ע-סאיד) ז. *tænicide*.

tæ'niafuge *n.* (טיע'-ני-ע-פיודזש) ז. *tænicide*.

tæ'niate *a.* (טיע'-ני-אייט) אין אנאטאמיע — באנדפערמיג; לאנג, שמאל און זעהר דין.

tæ'nicide *n.* (טיע'-ני-סאיד) א מעדיצין צו פערניכטען באנד=ווערים. ז. *tænia*.

tæ'nifuge *n.* (טיע'-ני-פיודזש) ז. *tænicide*.

taf'ferel *n.* (טעפ'-ע-רעל) ז. *taffrail*.

taf'ferel-rail *n.* (טעפ'-ע-רעל-רייל) ז. *taffrail*.

taf'feta *n.* (טעפ'-ע-טא) טאפט אדער טאפעט [א מין זייד אדער לייווענד].

taf'fety *n.* (טעפ'-ע-טי) ז. *taffeta*.

taf'fia *n.* (טעפ'-אי-א) ז. *tafia*.

taff'rail *n.* (טעפ'-רייל) דער העק=בארד, דער העק=געלענדער [דער געלענדער אדער אויבערשטער טייל פון דעם הינטער=טייל פון א שיף].

taf'fy *n. and v.* (טעפ'-אי) 1. אזא צוקערקע; 2. חניפה; 3. חנפ'נען; ווירקען אדער פועל'ען עפעס דורך חניפה.

3. He was **taffied** into yielding.

Taf'fy *n.* (טעפ'-אי) אן איינוואהנער פון וויילס.

taf'ia *n.* (טעפ'-אי-א) טאפיא [א מין וועסט=אינדישער ראם געמאכט פון צוקער=ראהר].

tag *n. and v.* (טעג) א שנירעל=שטיפט [א שטיפט אדער שטיקעל מעטאל ביים ענד פון א שנירעל אדער בענדעל]; עטוואס וואס הענגט נאך; א לעפעל; אן עק; א האר=לאק, א האר=פלאנטער, א וואל=קנויל [ביי שאף]; א יארליק, אן אדרעס=קארטע [אויף געפעק]; א נאכהענגענדער, אבגעריסענער טייל פון א קלייד; עטוואס צוגעגעבענעם אדער צוגעטשעפעטעם; א צוגעגעבענער טייל פון א בוך, א ביי=טייל; די מאראל פון א פאבעל; א צוגעגעבענער דיאלאג אדער מאנאלאג פון א טעאטער=שפיעל, וואס ווערט געברויכט בלויז אום ארויסצורופען אפלאדיסמענטען; דער המון, די נידריגסטע פאלקס=קלאסען; א שעפס וואס איז אלט וועניגער ווי א יאהר; דאס אבשלאגען אדער צעק=שפיעל [אזא קינדער=שפיעל וואס בעשטעהט אין דעם, וואס איינער לויפט ביז איהם געלינגט אנצוריהרען אדער א קלאפ צו טהאן איינעם פון זיינע מיטשפיעלער, וועלכער פערנעהמט דאן זיין ארט]; א קלאפ טהאן, אנריהרען ביים אבשלאגען אדער צעק=שפיעל; צוגעבען א שטיפט אדער שטיקעל מעטאל צו ענד [פון א שנור, בענדעל א. ז. וו.]; צוזאמענפעסטיגען, צוזאמענקניפען, צוזאמענבינדען; צוטשעפען [הויפטזעכליך עטוואס איבריגעם אדער אונגויטיגעם]; אנהענגען א יארליק אדער אדרעס=קארטע [אויף געפעק]; נאכפאלגען; אבשניידען די וואל=פלאנטערס אדער וואל=קנוילען [פון שאף].

tag'-belt *n.* (טעג'-בעלט) ז. *tag-sore*.

tag'-boat *n.* (טעג'-באוט) א רודער=שיפעל וואס ווערט געשלעפט פון א דאמפף=שיף אדער זעגעל=שיף.

tag'-end *n.* (טעג'-ענד) אן ענד, א שלוס=טייל; אן אבגעריסענער שלוס [ווי פון א געשפרעך].

We heard only the **tag-end** of the conversation.

tag'-fast'ener *n.* (טעג'-פעס'-נער) א יארליק=האלטער [א פארריכטונג צו בעפעסטיגען א יארליק אדער אדרעס=קארטע צו געפעק].

tag'ger *n.* (טעג'-ער) דער ווער עס פער=

בינדט, קניפט צו אדער טשעפעט צו; א צוגעגעבענע אדער צוגעטשעפעטע זאך אדער טייל; א נאכלויפער אין צעק=שפיעל אדער אבשלאגען [ז. *tag*]; אן אינסטרומענט צום בעזייטיגען אנגעפלאנטערטע וואל=לאקען [ביי שעפסען]; א שטיק בלעך קלענער פון דער בעשטימטער מאס.

tag'gers *n.* (טעג'-ערז) זעהר דינער בלעך.

tag'ging *n.* (טעג'-אינג) דאס אבשניידען צוזאמענגעקנוילטע וואל פון שעפסען.

tag'-hol'der *n.* (טעג'-האול'-דער) ז. *tag-fastener*.

tag'let *n.* (טעג'-לעט) א קליין שניר=שטיפטעל; א יארליקעל; א קניילכעל, א קליינער לאק. ז. *tag*.

tagl'ia *n.* (טעל'-יא) אזא הויב=מעכאניזם.

taglio'ni *n.* (טעל-יאו'-ני) אזא פארצייטיגער אויבער=ראק.

tag'-lock *n.* (טעג'-לאק) אן אנגעפלאנטערטער וואל=קנויל ביי שעפסען.

tag'-machine' *n.* (טעג'-מע-שין') א מאשין צו מאכען יארליקען אדער אדרעס=קארטען [פאר געפעק].

tag'-nee'dle *n.* (טעג'-ניע'דל) א יארליקען=נאדעל [אזא נאדעל אנצונעהען יארליקען אדער אדרעס=קארטען אויף געפעק].

tag'-rag *n.* (טעג'-רעג) דער לומפען=המון; דער המון, דער פעבעל; א שמאטע, א נאכהענגענדער איינגעריסענער טייל פון א קלייד.

tag'-rag and bob'tail (טעג'-רעג ענד באב'-טייל) אן ערב=רב פון לומפען און אויסוואורפען; א לומפען=געזינדעל. ז. *rag, tag, and bobtail*.

tag'-sore *n.* (טעג'-סאור) אזא קראנקהייט ביי שעפסען [צוליעב לאקסירונג ווערט דער עק אבגעקראכען און קלעפט זיך צו דער וואל].

tag'tail *n.* (טעג'-טייל) אזא ווארים מיט אן עק עהנליך צו א שניר=שטיפט; א נאכשלעפער, א טעלער=לעקער.

tag'-wool *n.* (טעג'-הוואול) לאנגע וואל פון יונגע שעפסען.

tail *n., v. and a.* (טייל) אן עק; אן ענד; א הינטער=טייל; אן עק=עהנליכער טייל; א לאנגער האר=לאק; א צאפ; דער האריזאנטאלער שטריך פון א מוזיק=נאטע; דער ענד פון אן איינשניט [אין קערפער]; דער ווינקעל פון אויג; א הענטעל, א שטיעל; א רייה מענשען; א רייה נאכפאלגער, נאכפאלגערשאפט; אדלער [די קעהר=זייט פון א מטבע]; דער טייל פון אן ארויסגעשטארצטען שטיין אדער ציגעל וואס שטעקט אין דער וואנד; דער ארויסשטארצענדער טייל פון א דאך=ציגעל; בעשרענקונג פון ירושה=רעכט; בעשטימונג, אז געוויסעס אייגענטום זאל איבערגעהן בירושה צו געוויסע פערזאנען אדער אין א געוויסער ארדנונג; צוגעבען אן עק; ציהען ביים עק; אבשניידען דעם עק אדער דעם הינטער=טייל; אויסשטעלען אין א רייה, זיך ציהען אין א רייה; נאכגעהן, נאכפאלגען; פאשען א סטאדע, אכטונג געבען אויף א סטאדע; שניידען, אויסשניידען, אבשניידען; בעשרענקען דאס ירושה=רעכט; בעשרענקט אין ירושה=רעכט [וועגען אייגענטום].

tail af'ter (טייל עפ'-טער) נאכפאלגען, נאכגעהן.

tai'lage *n. and v.* (טיי'-לעדזש) אן אבגעשניטענער און אוועקגענומענער טייל; שטייער; בעשטייערען, ארויפלעגען א שטייער.

tail away' (טייל ע-הוויי') בלייבען הינטערשטעליג, זיך שלעפען פון הינטען, געהן פון הינטען אין א פאנאנדערגעווארפענער רייה; אויסשטעלען אין א רייה; פאלגען אין א רייה.

tail'-bay *n.* (טייל'-ביי) דער שטח צווישען דעם קווער=באלקען און דער וואנד [אין סטעליעס]; דער רוים צווישען די אונטערשטע טויערען פון א שליוזע מיט דעם אונטערשטען וואסער פון קאנאל.

tail'-board *n.* (טייל'-באורד) די הינטערשטע ברעט פון א וואגען וואס לאזט זיך ארונטער אדער נעהמט זיך ארויס ביים אויסלאדען.

tail'-coat *n.* (טייל'-קאוט) א פראק.

tail'-cov'erts *n.* (טייל'-קאוו'-ערטס) די דעק=פעדערען פון א פויגעל=עק [די אויבערשטע עק=פעדערען פון א פויגעל].

tail'-drain *n* (טייל'-דריין) דער הויפט=אבצוגס=קאנאל.

tailed *a.* (טיילד) מיט אן עק; עקיג; עק=עהנליך; בעשרענקט אין בעצוג צום ירושה=רעכט [וועגען אייגענטום].

tail'-end *n.* (טייל'-ענד) 1. דער עק; דער עק=טייל; דער הינטער=טייל; דער עק=שפיץ; 2. דער ענד; 3. שיריים; דאס לעצטע, דער ענד=טייל.

3. We were caught in the **tail-end** of a shower.

tail'-ends *n.* (טייל'-ענדז) שלעכטער קארן וואס ווערט ארויסגעקליבען פון גוטען.

tail'-gate *n.* (טייל'-גייט) איינער פון די אונטערשטע טויערען אין א שליוזע; דער בעוועגליכער הינטערשטער טייל פון א וואגען [וואס לאזט זיך ארונטער אדער נעהמט זיך ארויס ביים אויסלאדען].

tail in (טייל אין) איינפעסטיגען א באלקען אין א וואנד אדער קראקווע.

tai'ling *n.* (טיי'-לינג) דער טייל פון אן ארויסשטארצענדען שטיין אדער ציגעל וואס געפינט זיך אין דער וואנד; אין מעדיצין — דער ענד פון אן איינשניט; א שלעכטער דרוק [אויף ציץ]; א רעכנונג, א חשבון.

tai'lings *n.* (טיי'-לינגז) פסלת, שיריים, אבפאל, אבזאץ [פון א פליסיגקייט].

tail'-lamp *n.* (טייל'-לעמפ) דער עק=לאמפ [א סיגנאל=לאמפ, געוועהנליך א רויטער, הינטער אן אייזענבאהן=צוג].

taille *n.* (טייל) א טאליע; דער שניט [פון א קלייד]; דער קערפער=בוי, די פיגור.

tail'less *a.* (טייל'-לעס) וואס האט ניט קיין עק.

tail of a lock (טייל אוו ע לאק) די נידריגסטע עפנונג פון א שליוזע.

tail of a storm (טייל אוו ע סטאהרם) דער ענד, דער ענד=טייל פון א שטורם.

tail of a stream (טייל אוו ע סטריעם) א רוהיגער פלאץ אין א טייך וואס קומט נאך א שטארקען שטראם.

tail off (טייל אף) אויסשטעלען אדער זיך אויסשטעלען אין א רייה; בלייבען הינטערשטעליג, זיך נאכשלעפען; זיך פערדרעהן, זיך פערקירעווען; ביסלעכווייז אויפהערען.

tail of the eye (טייל אוו טהי אי) דער זייט=ווינקעל פון אויג.

tail on (טייל אן) זיך אנשליסען אן א רייהע, זיך אנשליסען.

tai'lor *n. and v.* (טיי'-לאר) א שניידער; א מענער=שניידער; דער שניידער=פויגעל [ז. *tailor-bird*]; דער שניידער=הערינג [אזא פיש]; שניידערען, זיך בעשעפטיגען מיט שניידעריי; האנדלען מיט שניידער, זיך קליידען; אנקליידען; מאכען קליידער פאר איינעם.

tai'lor-bird *n.* (טיי'-לאר-בוירד) א שניידער=פויגעל [אזא פויגעל וואס נעהט פאר זיך אויף א נעסט פון בלעטער].

Tailor-bird

tai'loress *n.* (טיי'-לאר-עס) א שניידערין, א מענער=שניידערין.

tai'loring *n.* (טיי'-לאר-אינג) שניידעריי.

tai'loring-machine' *n.* (טיי'-לאר-אינג-מע-שין') א שניידער=מאשין, א שניידערשע נעה=מאשין.

tai'lorize *v.* (טיי'-לאר-איז) שניידערען, זיך בעשעפטיגען מיט שניידעריי; שטייף אנפאסען; מאכען שטייף אדער פארמעל.

tai'lor-made *a.* (טיי'-לאר-מייד) געמאכט פון א שניידער; געמאכט אויף בעשטעלונג [וועגען קליידער]; גענעהט אויף'ן שטייגער פון מענער=קליידער [וועגען פרויען=קליידער]; שטייף, אנגעצויגען, פארמעל.

tai'lor-mus'cle *n.* (טיי'-לאר-מאס'ל) ז. *sartorius*.

tai'lor's chair (טיי'-לארז טשעהר) א שניידער=שטוהל [אזא שטוהל אהן פיסלעך און געמאכט אזוי, אז מען זאל קענען זיצען אויף איהם מיט אריבערגעלעגטע פיס, ווי עס זיצען די שניידער ביים נעהען].

tai'lor's cramp (טיי'-לארז קרעמפ) שניידער=קראמפף [א פינגער=קראמפף, וואס ענטוויקעלט זיך ביי שניידער].

tai'lor's mus'cle (טיי'-לארז מאסל) ז. *sartorius*.

tai'lor's spasm (טיי'-לארז ספעזם) שניידער=ספאזמעס [ספאזמעס אין די הענד=מוסקולען וואס ענטוויקלען זיך ביי שניידער].

tai'lor's twist (טיי'-לארז טהוויסט) אזעלכע דיקע זיידענע פאדים [געברויכט ביים נעהען מענער=קליידער און אויבער=קליידער].

tai'lor-war'bler *n.* (טיי'-לאר-הוואהר'-בלער) דער לאנג=עקיגער שניידער=פויגעל. ז. *tailor-bird*.

tail'-piece *n.* (טייל'-פיעס) אן ענדשטיק, אן ענד=טייל; דאס ברעטעל ביי א פיעדעל אדער גיטארע, צו וועלכען עס בעפעסטיגען זיך די סטרונעס; א שלוס=וויניעטקע [אין דרוקעריי — א פערציערונג צום שלוס פון א קאפיטעל].

tail'-pipe *n. and v.* (טייל'-פאיפ) 1. די זויג=רעהר [פון א פומפ]; 2. צובינדען עפעס צום עק; 3. עפעס אנבינדען אימעצען; דאקוטשען.

2. The boys **tail-piped** the dog. 3. He might have been **tail-piped** for miles without even mentioning it.

tail'-race *n.* (טייל'-רייס) די פערטיעפונג, אין וועלכער עס שטראמט אראב דאס וואסער פון די מיהל=רעדער.

tail'-rime *n.* (טייל'-ראים) א סטאנזע אדער פערז פון א געדיכט, וואס האט אין מיטען און צו ענדע צוגעגעבענע קורצע שורות, וועלכע גראמען זיך צווישען זיך.

tail'-rope *n.* (טייל'-ראופ) א שלעפשטריק צוגעפעסטיגט צום לעצטען וואגאן פון א וואגאנען=צוג אין קויהל=גרובען.

tails *n.* (טיילז) אבפאל, פסלת; א פראק.

tail'-stan'za *n.* (טייל'-סטענ'-זא) ז. *tail-rime*.

tail'-stem *n.* (טייל'-סטעם) דאס ברעטעל ביי א פידעל אדער גיטארע, צו וועלכען עס בעפעסטיגען זיך די סטרונעס.

tail'-switch'ing *n.* (טייל'-סהוויטש'-אינג) דאס איבערפיהרען א לאקאמאטיוו פון דעם פארענט פון א באהן=צוג צו זיין הינטער=טייל.

tail'-twis'ting *n.* (טייל'-טהוויס'-טינג) דאס דרעהען דעם עק פון א חיה; דאס מאטערען, פלאגען אדער דאקוטשען.

tail'ward *adv.* (טייל'-הווארד) צום עקצו; נאך הינטען.

tail'-wa'ter *n.* (טייל'-הוואה'-טער) דאס וואסער וואס פאלט פון א זיך=דרעהענדער מיהל=ראד.

tail'-winged but'terfly (טייל'-הווינגד באט'-ער-פלאי) אזא זומער=פויגעלע מיט לאנגע, פערשפיצטע, עקען=עהנליכע פליגעלעך.

ז. איל. *"Butterflies & Moths"*

tain *n.* (טיין) א דינע פלאטע, שיכט אדער בלאט; שפיגעל=פאליא.

taint *v. and n.* (טיינט) פערדארבען, איבערפיהרען; אנשטעקען; פערפעסטען; בעפלעקען; ווערען פערדארבען; א פלעק; א שאנד=פלעק; פערדארבונג; פערפעסטונג.

taint'less *a.* (טיינט'-לעס) אונבעפלעקט, ריין, ניט פערדארבען.

taint'lessly *adv.* (טיינט'-לעס-לי) אויף א ריינעם, אונבעפלעקטען אדער ניט פערדארבענעם אופן.

tai'ra *n.* (טאי'-רא) א טאאירא [אזא מארדער=עהנליך חיה'לע פון זיד און צענטראל=אמעריקא].

tajas'su *n.* (טע-יעס'-או) דער פעקארי [אזא ווילדער אמעריקאנישער חזיר]. ז. *peccary*.

take *v. and n.* (טייק) 1. נעהמען, אוועקנעהמען; אננעהמען, אנכאפען; 2. קריגען; 3. ארייןקריגען, כאפען, פערכאפען; 4. געווינען; שלאגען [אין א וועט=קאמפף אדער אין א שפיעל]; 5. בעצויבערען, צוציהען; 6. קומען אונערווארטעט, איבערראשען, פערכאפען, טרעפען; 7. אראבנעהמען; צוריקנעהמען; 8. אויסקלייבען, אויסוועהלען; 9. אננעהמען, בעקומען [אז אייגענשאפט, אן אויסזעהן א. ז. וו.]; 10. דורכמאכען; 11. פיהלען [פרייד, שטאלץ א. ז. וו.]; 12. נעהמען אויף זיך, פערטראגען, ליידען [ווי שאנדע, בעליידיגונג א. ז. וו.]; 13. זיך אנשטעקען, בעאיינפלוסט ווערען, פערכאפט ווערען; 14. בייקומען, איבערקומען [א שטערונג]; 15. פערשטעהן, בעגרייפען, ארייננעהמען אין קאפ; 16. בעטראכטען, אננעהמען אלס...; 17. אונטערנעהמען, נעהמען אויף זיך; 18. בעשטימען דאס געוויכט אדער די מאס; 19. בעזוכען אויף א רייזע; 20. פאדערען, נויטיג האבען; 21. א קלאפ טהאן; 22. זיך בעגעבען, זיך ווענדען צו...; 23. פיהרען, אוועקפיהרען; אוועקטראגען; 24. אראבנעהמען, פאטאגראפירען, אבמאלען; 25 נעהמען א בילד, זיך לאזען פאטאגראפירען [גוט אדער שלעכט]; 26. ערלויבען געשלעכטליכען פערקעהר מיט זיך [וועגען א פרוי]; 27. ווירקען, האבען די געווינשטע ווירקונג, האבען ערפאלג; 28. אויסנעהמען, געפעלען; 29. זיין גענייגט; זיין פריינדליך גענייגט; 30. זיך לאזען כאפען; 31. זיך לאזען בעווירקען; ווערען; 32. דאס נעהמען; דאס אנכאפען; דאס אננעהמען; געווינס; ווירקונג; דאס אויסנעהמען; 33. די צאהל אדער מאס פון גענומענעם אדער ערווארבענעם; דער רעזולטאט פון א יאגד; 34. דער מאנוסקריפט וואס א שריפטזעצער קריעגט מיט איין מאל צום זעצען; 35. איינגאהמע פון א פערקויף; די איינגאהמע פון טעאטער=בילעטען איידער מען עפענט די טעאטער=טהירען פאר א פארשטעלונג; 36. דאס אננעהמען, דאס ווירקען [ווי פון פאקען=שטעלען].

2. He managed to **take** the first prize in the contest. 4. Rook **takes** knight at chess. 5. He is greatly **taken** by sports. 6. You will never **take** me napping at my work. 9. The distance **takes** a lovelier hue. 10. The girls in Sparta had to **take** gymnastics as the boys did. 11. He **takes** pride in vain honors. 13. The child **took** fever. 14. The hunter **took** the fence. 15. He **took** his meaning. 16. I **take** it for granted that it is so. 18. **Take** the weight of the package. 20. It **takes** great moral strength to withstand the temptations of life. 22. The crew of the wrecked ship **took** to the boats. 23. **Take** the stranger to my house. 25. I always **take** a good picture. 27. The play **takes** with some classes of theatre-goers. 29. A dog seldom **takes** to a stranger. 30 Small fish **take** freely. 31. He **took** ill. 33. We enjoyed a good **take** of fish.

take aback' (טייק ע-בעק') צופרעסען די זעגלען צו די מאסטען [וועגען ווינד]; אונערווארטעטערהייד אבהאלטען אדער ענטטוישען; ערשטוינען, איבערראשען.

take a bite (טייק ע באיט) כאפען א ביס, צובייסען, עסען.

take about' (טייק ע-באוט') אכטונג געבען, זארגען פאר...

take account' of (טייק ע-קאונט' אוו) אנמערקען, בעמערקען; פערצייכנען.

We **took account of** everything said and done.

take ac'tion (טייק עק'-שאן) נעהמען שריטע; אנפאנגען א געריכטליכען פראצעס.

take a dare (טייק ע דעהר) ניט אננעהמען קיין ארויספאדערונג.

take advan'tage of (טייק עד-וועג'-טעדזש אוו) 1. זיך בענוצען אדער אויסנוצען עפעס פאר זיך; 2. בעטריגען; 3. אויסנוצען פאר בעטרוג.

1. I shall **take advantage of** your kind offer. 3. Don't **take advantage of** my good nature.

take advice' (טייק עד-וואיס') זיך אן עצה האלטען, זיך בעראטען [הויפטזעכליך מיט א פאכמאן, ווי אן אדוואקאט, דאקטאר א. ז. וו.].

take a fall out of (טייק א פאהל אוט אוו) בעזיעגען, בייקומען.

take a fan'cy (טייק ע פענ'-סי) פערקאכט ווערען [אין עפעס אדער אימעצען].

take affront' at (טייק ע-פראנט' עט) זיך פיהלען בעליידיגט [פון עפעס].

take af'ter (טייק עפ'-טער) 1. זיין עהנליך; זיין געראטען אין...; 2. נאכפאלגען, נאכאהמען.

1. The child **takes after** the mother.

take a glimpse (טייק ע גלימפס) ווארפען א בליק, כאפען א קוק.

take a grin'der (טייק ע גראינ'-דער) מאכען א פערעכטליכע בעוועגונג צולעגענדיג דעם גראבען פינגער פון דער לינקער האנד צו דער שפיץ נאז און דרעהענדיג ארום איהם די רעכטע האנד.

take a hand (טייק ע הענד) "נעהמען א האנד", מיטשפיעלען; אנטייל נעהמען.

take a hint (טייק ע הינט) זיך בענוצען מיט אן אנצוהערעניש; פערשטעהן א וואונק און האנדלען לויט דער אנצוהערעניש.

take aim (טייק איים) זיך ציעלען.

take air (טייק עהר) זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

The story has **taken air**.

take airs (טייק עהרז) זיך דורכלופטערען, זיך דורכגעהן, זיך דורכשפאציערען.

take a joke (טייק ע דזשאוק) אננעהמען אדער פערשטעהן א שפאס.

He **takes a joke** well.

take alarm' (טייק ע-לארם') ווערען אונרוהיג, זיך דערשרעקען.

take a leaf out of one's book (טייק ע ליעף אוט אוו הוואנז בוק) נאכפאלגען, נאכאהמען, נאכטהאן.

take a leap (טייק ע ליעפ) א שפרונג טהאן.

take a li'king to (טייק ע לאי'-קינג טו) ליעב בעקומען, בעקומען א נייגונג צו...

take a long breath (טייק ע לאהנג ברעטה) ז. *take breath*.

take a look (טייק ע לוק) כאפען א קוק.

take amiss' (טייק ע-מיס') 1. שלעכט פערשטעהן, א טעות האבען; 2. נעהמען פאר אומגוט, פאריבעל האבען.

2. Do not **take amiss** my remarks.

take an account' of (טייק ען ע-קאונט' אוו) נעהמען אין אנבעטראכט, שענקען אויפמערקזאמקייט, בעמערקען.

take an air'ing (טייק ען עהר'-אינג) זיך דורכלופטערען, זיך דורכגעהן, זיך דורכשפאציערען.

take a name in vain (טייק ע ניים אין ווין) דערמאנען א נאמען מיט גרינגשעצונג.

Thou shalt not **take the name** of the Lord thy God **in vain**.

take a nap (טייק ע נעפ) כאפען א דרעמעל.

take an in'sult (טייק ען אינ'-סאלט) זיך אונטערווארפען אדער פערשווייגען א בעליידיגונג.

I will **take** no **insults** from you.

take an oath (טייק ען אוטה) שווערען, געבען א שבועה.

take a peg low'er (טייק ע פעג לאו'-ער) אבקלאפען די פליגעל, דעמיטהיגען.

take a rise out of (טייק ע ראיז אוט אוו) אבקלאפען די פליגעל, דעמיטיהגען; מאכען צו שפאט, מאכען לעכערליך.

take arms (טייק ארמז) זיך בעוואפענען, זיך נעהמען צו די וואפען.

take a seat (טייק ע סיעט) זיך אוועקזעצען.

take a side (טייק ע סאיד) נעהמען א

צד, זיך שטעלן אויף דער זייט פון אימעצן.

take a stand (טייק ע סטענד) נעהמען א שטעלונג.

take a step (טייק ע סטעפ) נעהמען א שריט, נעהמען שריטע; אנווענדען מיטלען; אנפאנגען עפעס.

take at the word (טייק עט טהי הוואירד) האלטען ביים ווארט.

take a turn (טייק ע טוירן) כאפען א שפאציער, זיך אביסעל דורכפאהרען.

take a vote (טייק ע ׳וואוט) אבשטימען.

take a walk (טייק ע הוואהק) נעהמען א שפאציער; ארויסגעווארפען ווערען, ענטזאגט ווערען פון א שטעלע.

take back (טייק בעק) צוריקנעהמען, צו ריקציהען [ווי א בעליידיגונג, א בעהויפטונג א. ז. וו.].

take bail for (טייק בייל פאר) בעפרייען אויף ערבות.

take bear′ings (טייק בעהר׳-אינגז) בעשטימען די לאגע אויף א קאמפאס; בעשטימען די לאגע און ריכטונג פון געוויסע זאכען אין בעצוג צו שיפס-טיילען; אויסגעפינען וואו מען איז אין דער וועלט.

take breath (טייק ברעטה) אבציהען דעם אטהעם, אבכאפען דעם אטהעם; זיך אברוהען; זיך דערפרישען.

take by storm (טייק באי סטאהרם) 1. נעהמען מיט שטורם [א פעסטונג]; 2. נעהמען מיט שטורם, שטארק מיטרייסען.

1. The citadel was **taken by storm**. 2. The singer **took** the audience **by storm**.

take by surprise′ (טייק באי סויר-פראיז׳) איבערראשען, ערשטוינען, קומען אונערווארטעטערהייד.

take by the hand (טייק באי טהי הענד) נעהמען אונטער איינעמס שוץ, בעשיצען.

take cap′tive (טייק קעפ׳-טיוו) פאנגען, נעהמען געפאנגען.

take care (טייק קעהר) זיך היטען, זיין פארזיכטיג.

take care of (טייק קעהר אוו) אכטונג געבען, זארגען פאר...

take cold (טייק קאולד) זיך פערקיהלען.

take coun′sel (טייק קאונ׳-סעל) 1. זיך בעראטען; 2. זיך איבערלעגען.

1. They **took counsel** together. 2. He **took counsel** of his fears.

take delight′ in (טייק די-לאיט׳ אין) הנאה האבען [פון עפעס].

take down (טייק דאון) 1. דעמיטהיגען, אבקלאפען די פליגעל; 2. אראבשלינגען, אראבברייננען; 3. פאנאנדערווארפען, פאנאנדערנעהמען; 4. פערצייכנען, פערשרייבען.

1. He takes delight in **taking down** the conceited upstart. 2. With gestures of disgust, he **took down** the dose of medicine. 3. The workingmen **took down** the house. 4. The clerk **took down** the statement.

take down a peg (טייק דאון ע פעג) דעמיטהיגען, אבקלאפען די פליגעל.

take ducks and drakes (טייק דאקס ענד דרייקס) מאכען קאטשקעלעך אויף׳ן וואסער [ווארפען א פלאכעס שטיינדעל אזוי אז עס זאל זיך ווי גליטשען איבער׳ן וואסער]; נאכלעסיג אומגעהן מיט עפעס, פאנאנדערווארפען.

ז. *play duck and drake*

take earth (טייק אוירטה) 1. זיך בעהאלטען אין א נארע [ווענען א פערפאלגטען פוקס]; 2. זיך בעהאלטען.

2. The sleuth followed the burglar to see where he would **take earth**.

take effect′ (טייק ע-פעקט׳) 1. אריינגעהן אין קראפט; 2. אנהויבען ווירקען.

1. The law does not **take effect** until next year.

take excep′tion (טייק עק-סעפ׳-שאן) זיך בעליידיגען, פאריבעל האבען, זיין געגען.

I **took exception** at your statement.

take fire (טייק פאיר) זיך אנצינדען.

take flight (טייק פלאיט) אנטלויפען, מאכען פליטה.

take for gran′ted (טייק פאר גרענ׳-טעד) אננעהמען אלס א בעשטעטיגטע אדער בעוויזענע זאך.

I **take it for granted** that you mean what you say.

take form (טייק פאהרם) זיך פארמירען, אננעהמען א בעשטימטע פארם, אויסזעהן אדער ארדנונג, ווערען בעשטימט און קלאר.

The conception gradually **took form** in his mind.

take French leave (טייק פרענטש ליעװ) אוועקגעהן אדער אוועקפאהרען אהן א זיי-געזונד; אנטלויפען; פערשווינדען אונטער פערדעכטיגע אומשטענדען.

The defaulting cashier finally decided to **take French leave**.

take fright (טייק פראיט) זיך דערשרעקען.

take ground (טייק גראונד) פערנעהמען א געוויסע שטרעקע לאנד [ווענען מיליטער]; זיך אוועקזעצען אויף׳ן גרונד, געשטראנדעט ווערען [ווענען א שיף].

take har′bor (טייק הער׳-באר) אריינגעהן אין האפען.

take heart (טייק הארט) זיך מאכען הארץ, זיך אננעהמען מיט מוטה.

take heart of grace (טייק הארט אוו גרייס) בעקומען קוראזש צוליעב א צווייטענס גוטמוטיגקייט אדער נאכגעביגקייט.

take heed (טייק היעד) זיין פארזיכטיג, זיך היטען; שענקען אויפמערקזאמקייט, בעמערקען.

take high′er ground (טייק האי׳-ער גראונד) בעטראכטען פון א העכערען שטאנדפונקט.

take hold (טייק האולד) 1. אנכאפען; 2. בעהערשען, פערכאפען; 3. זיך אנכאפען, זיך בענוצען מיט עפעס; 4. זיך נעהמען צו עפעס.

1. The drowning man **took hold** of the rope. 2. The idea **took** strong **hold** of him. 3. He **took hold** of the opportunity to become rich.

take horse (טייק האהרס) זיך ארויפזעצען אויף א פערד; האבען געשלעכטליכען פערקעהר, זיך פארען [ווענען א שקאפע].

take huff (טייק האף) פאריבעל האבען, זיך בעליידיגען.

take in (טייק אין) 1. אריינברייננען, אריינגעהמען; 2. אריינגעהמען ארבייט אין הויז; 3. אריינגעהמען אין זיך, איינשליסען, ענטהאלטען; 4. אבצאמען, ארומצאמען; מאכען קולטיווירבאר [ווי למשל, לאנד וואס איז בעדעקט מיט וואסער]; 5. איינציהען [ווי למשל, א זעגעל], קלענער מאכען [ווי למשל, א קלייד]; 6. אריינגעהמען אין קאפ, בעגרייפען; 7. גלויבען, אננעהמען פאר גוט געלד; 8. אבנארען, אבשווינדלען.

2. The poor widow has to **take in** sewing. 4. There are parcels of land on the seacoast that are worth while **taking in**. 7. He **takes in** whatever you tell him.

take′-in *n.* (טייק׳-אין) 1. שווינדעל, נארעריי, בעטרוג; 2. א שווינדלער, א בעטריגער.

2. He is a humbug and a **take-in**.

take in good part (טייק אין גוד פארט) נעהמען פון דער גוטער זייט, ניט קיין פאריבעל האבען.

take in hand (טייק אין הענד) אריינגעהמען אין די הענד; זיך נעהמען [צו עפעס], אונטערנעהמען, מאכען א פערזוך.

take in mar′riage (טייק אין מער׳-אידזש) הייראטען, חתונה האבען [ווענען א מאן].

take in′to account′ (טייק אינ׳-טו ע-קאונט׳) נעהמען אין אנבעטראכט, אריינרעכענען אין חשבון.

take in′to cus′tody (טייק אינ׳-טו קאס׳-טא-די) ארעסטירען.

take in′to one’s head (טייק אינ׳-טו הוואנז העד) זיך אריינגעהמען אין קאפ.

take in′to one’s own hand (טייק אינ׳-טו הוואנז און הענד) אריינגעהמען אין די אייגענע הענד, זיך אליין א נעהם טהאן.

take in with (טייק אין הוויטה) איינגעהן אויף בעדינגונגען, איינגעהן אויף אן אבמאך.

take is′sue (טייק איש׳-או) נעהמען א צד [אין א שטרייט אדער דעבאטע].

ז. *join issue*

take it from me (טייק איט פראם מיע) גלויב מיר, פערלאז זיך אויף מיר.

take it ill (טייק איט איל) נעהמען פאר אומגוט, פאריבעל האבען; זיך בעליידיגען.

take it out of (טייק איט אוט אוו) זיך אברעכענען, בעצאהלען פאר שלעכטס, צווינגען גוט צו מאכען א שאדען אדער בעליידיגונג; אויסמאטערען.

take leave (טייק ליעוו) זיך געזעגענען, אבפאהרען, אוועקגעהן.

take le′gal meas′ures (טייק ליע׳-געל מעזש׳-אורז) לאדען, אנקלאגען אין געריכט.

take lib′erties (טייק ליב׳-ער-טיז) זיך ערלויבען, זיך ערלויבען צופיעל.

take mer′cy on (טייק מויר׳-סי אן) רחמנות האבען, זיך דערבארעמען.

ta′ken (טייקן) גענומען, פערכאפט, געוואונען, בעצויבערט, אנגענומען א. ז. וו.

ז. *take*

ta′ken aback′ (טייקן ע-בעק׳) איבערראשט, ערשטוינט, ענטוישט.

He was quite **taken aback** when he was refused admittance.

ta′ken hence (טייקן הענס) גענומען אהין; געשטארבען.

ta′ken ill (טייקן איל) קראנק געווארען.

take no′tice of (טייק נאו׳-טיס אוו) בעמערקען; מאכען א בעמערקונג.

take occa′sion (טייק א-קיי׳-זשאן) זיך בענוצען מיט א געלעגענהייט.

take occa′sion by the fore′lock (טייק א-קיי׳-זשאן באי טהי פאור׳-לאק) זיך בענוצען מיט א געלעגענהייט.

take off (טייק אף) 1. ארונטערנעהמען, אראבנעהמען; 2. אויסטהאן; 3. אוועקנעהמען, איבערפיהרען אין אן אנדער פלאץ; 4. אבראמען, טויטען; 5. קויפען; 6. אויסטרינקען, אראבשלינגען; 7. קאפירען; 8. נאכמאכען, איבערקרימען, פארשטעלען אדער פערזאניפיצירען אימעצען, מאכען א קאריקאטור פון אימעצען; 9. זיך אנהויבען, זיך אנפאנגען; א שפרונג טהאן; 10. פערטראגען, דולדען.

2. I **took off** the gloves. 3. **Take** yourself **off**! 10. I will not **take** that **off** him.

take′-off *n.* (טייק׳-אף) ארונטערנעהמונג, אראבנעהמונג, אוועקנעהמונג; אבראמונג, טויטונג; אן איבערקרימונג, א קאריקא-

טור; דער פונקט, פון וועלכען מען ניט א שפרונג; אין קראקעט —— דאס אבקלאפען דעם באל אזוי, אז ווען ער דערגרייכט א צווייטען באל, בלייבט יענער ניט גערירהרט.

take offense′ (טייק א-פענס′) פאריבעל האבען, זיך בעליידיגען.

take on (טייק אן) זיין אויפגערעגט; ארויסצייגען א שטארקען געפיהל [פון כעס, אויפרעגונג, ענערגיע א. ז. וו.].

take one a but′tonhole low′er (טייק הוואן ע באט′נ-האול לאו′-ער) אראבשלאגען די פליגעל, דעמיטהיגען.

take one down a but′tonhole (טייק הוואן דאון ע באט′נ-האול) אראבשלאגען די פליגעל, דעמיטהיגען.

take one nap′ping (טייק הוואן נעפ′-אינג) כאפען ביי דער האנד; בעפאלען אונערווארטעט.

take one's bells (טייק הוואנז בעלז) זיך שיידען, זיך געזעגענען.

take one's chance (טייק הוואנז טשענס) איינשטעלען, ריזיקירען.

take one's ease (טייק הוואנז איעז) זיך מאכען בעקוועם.

take one's life in one's hand (טייק הוואנז לאיף אין הוואנז הענד) איינשטעלען דאס לעבען, ריזיקירען מיט′ן לעבען.

take one's mark amiss′ (טייק הוואנז מארק ע-מיס′) פערפעהלען דעם ציעל, ניט טרעפען; האבען א טעות.

take one's part (טייק הוואנז פארט) האלטען איינעמס צד.

take one's self se′riously (טייק הוואנז סעלף סי′-רי-אס-לי) זיך בעציהען צו זיך אליין צו ערנסט, מאכען פון זיך א גאנצען פאראד.

take one's time (טייק הוואנז טאים) זיך ניט איילען.

take one's turn (טייק הוואנז טוירן) קומען אין אטשערעד אדער אין רייה.

take on one (טייק אן הוואן) שפיעלען א ראלע, זיך מאכען כלומר′שט, מאכען אן אנשטעל.

take on one's self (טייק אן הוואנז סעלף) אננעהמען, ארויפציהען אויף זיך, אננעהמען א געוויסע איינגעשאפט אדער אויסזעהן; נעהמען אויף זיך; פרעטענדירען; אננעהמען אויף′ן אייגענעם חשבון; זיין אויפגערעגט.

take on the broad′side (טייק אן טהי בראהד′-סאיד) בעהאנדלען אהן צערעמאניעס, זיך בעגעהן אהן צערעמאניעס.
He takes the world on the broadside.

take opportu′nity (טייק אפ-אר-טיו′-ני-טי) זיך בענוצען מיט א געלעגענהייט.

take or′ders (טייק אהר′-דערז) 1. זיך אונטערווארפען איינעמס בעפעהלען; 2. ארדינירט ווערען, ווערען א גלח.
1. The clerk refused to take orders and was discharged.

take out (טייק אוט) 1. ארויסנעהמען; 2. ארויספיהרען; 3. בעפרייען פון עפעס; 4. ארויסקריגען.
1. You can take out the stain with hot water and soap. 2. Take out the invalid for a walk. 3. The parents took the nonsense out of the youngster. 4. He took the amount of the debt out in goods.

take o′ver (טייק או′-ווער) איבערנעהמען.

take pains (טייק פיינז) זיך בעמיהען, זיך אנשטרענגען.

take part in (טייק פארט אין) זיך בעטייליגען, נעהמען אנטייל.
The whole population took part in the celebration.

take part with (טייק פארט הוויטה) שטעלען זיך אויף אימעצענס זייט, זיך פעראייניגען מיט איינעם, נעהמען אימעצענס צד.
In the American Revolution the Indians took part mostly with the English.

take pas′sage for (טייק פעס′-עדזש פאר) 1. זיך זעצען אויף א שיף, אנפאנגען א שיפס-רייזע נאך...; 2. נעהמען א בילעט ביז...
1. We expect to take passage for Europe next week.

take pat′tern af′ter (טייק פעט′-ערן עפ′-טער) נעהמען פאר א מוסטער אדער ביישפיעל; נאכאהמען, נאכטהאן.

take pit′y upon′ (טייק פיט′-אי א-פאן′) רחמנות האבען, ארויסצייגען מיטלייד.

take place (טייק פליים) שטאטפינדען, פארקומען, פאסירען, זיך טרעפען.

take pleas′ure in (טייק פלעזש′-אור אין) האבען פערגניגען [פון אימעצען אדער עפעס], הנאה האבען.

take posses′sion (טייק פא-זעש′-אן) נעהמען אין בעזיץ, נעהמען אונטער קאנטראל אדער הערשאפט.

take pot′-luck′ (טייק פאט′-לאק′) אננעהמען אן אונערווארטעטע איינלאדונג מיטצושפייזען; אנטייל נעהמען אין א מאהלצייט, ביי וועלכען מען האט זיך ניט געריכט אויף געסט; עסען וואס עס מאכט זיך.

take precau′tions (טייק פרי-קאה′-שאנז) אננעהמען פארזיכטיגקייטס-מיטלען.

take prece′dence of (טייק פרי-סי′-דענס אוו) זיין העכער אין ראנג, ווירדע אדער וויכטיגקייט.

ta′ker *n.* (טיי′-קער) א נעהמער; איינער וואס נעהמט, קריעגט, נעהמט אויף זיך א. ז. וו. ז. *take*.

take rank with (טייק רענק הוויטה) האבען דעמזעלבען ראנג אדער טשין.
A captain in the navy takes rank with a colonel in the army.

take ref′uge (טייק רעפ′-יודזש) אנטלויפען ערגעץ, זיך בעהאלטען, זיך בעשיצען.

take revenge′ (טייק רי-ווענדזש′) זיך נוקם זיין, נעהמען ראכע.

take root (טייק רוהט) אנהויבען לאזען ווארצלען; זיך איינווארצלען, זיך איינפעסטיגען.

take shape (טייק שייפ) זיך פארמירען, זיך אויסארבייטען, אננעהמען א בעשטימטע פארם, ארדנונג אדער פלאן.

take shel′ter (טייק שעל′-טער) נעהמען אבדאך, זיך בעשיצען, זיך בעהאלטען.

take ship (טייק שיפ) זיך זעצען אויף א שיף.

take sides (טייק סאידז) נעהמען א שטעלונג, נעהמען א צד, זיך שטעלען פאר אדער געגען.

take sight (טייק סאיט) וויזירען, ציעלען, אנשטעלען אין א געוויסער ריכטונג א ביקס, א לאנד-מעסטונגס-אינסטרומענט א. ז. וו.

take soil (טייק סאיל) זיך ארייננווארפען אין וואסער [ווי א פערפאלגטע חיה]; זיך בעהאלטען, זיך בעשיצען.

take steps (טייק סטעפס) ז. *take a step*.

take stock (טייק סטאק) מאכען אינווענטור [אויסגעפינען וויפיעל וואארע מען פערמאגט].

take stock in (טייק סטאק אין) 1. נעהמען אנטייל, זיך אינטערעסירען; 2. גלויבען.
2. I take little stock in his stories.

take stock of (טייק סטאק אוו) 1. אבשאצען; 2. אונטערזוכען; 3. בעמערקען.
2. In taking stock of her husband's clothes, she came upon some suspicious letters.

take strife (טייק סטראיף) אנהויבען א קאמפף.

take the air (טייק טהי עהר) נעהמען א שפאציער, געהן אויף דער פרישער לופט; ארויפפליהען, ארויפשוועבען [ווענען א פליגעל]; אויסמעסטען אדער בעשטימען דעם לופט-שטראם [אין א רעהר א. ז. וו.].

take the back track (טייק טהי בעק טרעק) צוריקטרעטען, צוריקגעהן.

take the bit in the teeth (טייק טהי ביט אין טהי טיעטה) פערבייסען דעם צוים-געבים אדער דאס צוים-אייזענדעל אזוי אז עס זאל ניט רייסען דאס מויל ביים אנציהען די לייצעם [ווענען א פערד]; צוואווילדעט ווערען, זיך ניט לאזען קאנטראלירען.

take the bull by the horns (טייק טהי בול באי טהי האהרנז) מוטיג בעגעגענען א געפאהר אדער שוועריגקייט.

take the cake (טייק טהי קייק) געווינען, בלייבען דער זיעגער.

take the chair (טייק טהי טשעהר) ווערען פארזיצענדער.

take the con′sequences (טייק טהי קאנ′-סי-קהווענ-סעז) נעהמען אויף זיך די פאלגען [פון א טהאט, האנדלונג א. ז. וו.].

take the cross (טייק טהי קראהס) ווערען א קרייץ-פאהרער, פערפליכטען זיך אנטייל צו נעהמען אין א קרייץ-צוג [אין מיטעלאלטער]. ז. *crusade*.

take the field (טייק טהי פיעלד) זיך נעהמען גרייטען צו א שלאכט; אויסשטעלען די ארמעע צו א שלאכט.

take the floor (טייק טהי פלאור) זיך אויפשטעלען צו האלטען א רעדע, צו מאכען א בעמערקונג אדער צו מאכען א פארשלאג; זיך אויפהויבען צום טאנצען.

take the ground (טייק טהי גראונד) זיך אוועקזעצען אויף′ן גרונט, געשטראנדעט ווערען [ווענען א שיף].

take the ini′tiative (טייק טהי אי-ניש′-אי-איי-טיוו) נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע, דער ערשטער אנפאנגען, געבען דעם ערשטען אנשטויס.

take the la′boring oar (טייק טהי ליי′-באר-אינג אור) נעהמען אויף זיך דעם שווערסטען טייל פון אן ארבייט אדער אונטערנעהמונג.

take the law of (טייק טהי לאה אוו) אנווענדען דאס געזעץ געגען אימעצען, אנקלאגען.

take the law on (טייק טהי לאה אן) ז. *take the law of*.

take the lead (טייק טהי ליעד) אנפיהרען, געהן פארויס; אנהויבען, געבען די ריכטונג.

take the lib′erty (טייק טהי ליב′-ער-טי) זיך נעהמען די פרייהייט, זיך ערלויבען.

take the lid off (טייק טהי ליד אף) זיך פערהאלטען נאכלעסיג, אראבנעהמען די קאנטראלע, לאזען געוועלטיגען.

take the man′tle (טייק טהי מענטל) זיך פערפליכטען צו בלייבען אימער אן אלמנה, זיך פערפליכטען ניט חתונה צו האבען נאך′ן מאנ′ס טויט.

take the man'tle and ring (טייק טהי מענטל ענד רינג) ז. *take the mantle*.

take the meas'ure of (טייק טהי מעזש'-אור אוו) גענוי בעאבאכטען, גענוי שטודירען.

take the oath (טייק טהי אוטה) שווערען, געבען א שבועה; מאכען א כוסה.

take the odds (טייק טהי אדז) אננעהמען א ריזיקאלישען וועט.

take the offen'sive (טייק טהי א-פענ'-סיוו) איבערגעהן צו אן אנגריף אדער איבערפאל; מאכען אן אנגריף.

take the pas (טייק טהי פא) געהן פאראויס; זיין העכער [אין ראנג, ווירדע א. ז. וו.].

take the pledge (טייק טהי פלעדזש) א נדר טהאן, טהאן א נדר זיך צוריקצוהאלטען פון פער'שכור'ענדע משקאות.

take the rag off (טייק טהי רעג אף) בייקומען, בעזיעגען, געווינען [ווי אין א וועט-קאמפף], בלייבען דער זיעגער.

take the rag off the bush (טייק טהי רעג אף טהי בוש) ז. *take the rag off*.

take the reins (טייק טהי רײנז) נעהמען די לייצעס אין די הענד, איבערנעהמען די פיהרערשאפט, פערוואלטונג אדער הערשאפט.

take the road (טייק טהי ראוד) זיך ארויסלאזען אין וועג, זיך ארויסלאזען אויף א רייזע.

take the say (טייק טהי סיי) פרובירען; פערזוכען; מאכען אן איינשניט אין דעם בויך פון א דערשאסענעם הירש, אום אויסצוגעפינען ווי פעט ער איז.

take the shine out of (טייק טהי שאין אוט אוו) פערטונקלען, אריבערשיינען.

take the starch out of one (טייק טהי סטארטש אוט אוו הוואן) אבשלאגען די פליגלען; דעמיטהיגען.

take the stump (טייק טהי סטאמפ) אנהויבען א וואהל-אגיטאציאן.

take the sun (טייק טהי סאן) בעשטימען די לאגע פון דער זון [פון א רייזענדער שיף].

take the veil (טייק טהי וויל) אריינטרעטען אין א מאנאסטיר [ווענען א פרוי], ווערען א מאנאשקע.

take the wall of (טייק טהי וואהל אוו) געהן נאהענט צו דער וואנד, נעהן אויף'ן זיכערסטען און בעסטען טייל פון וועג; האבען פריווילעגיעס, האבען די אויבערהאנד, קריגען דעם בעסערען טייל.

take the wind out of one's sails (טייק טהי ווינד אוט אוו הוואנז סיילז) ארויסנעהמען דעם ווינד פון די זעגלען, מאכען איינעם ערנידריגענד-הילפלאז.

take things ea'sy (טייק טהינגז איז'-זי) זיך ניט נעהמען צום הארצען.

take time by the fore'lock (טייק טאים באי טהי פאור'-לאק) זיך בענוצען מיט א געלעגענהייט.

take to (טייק טו) זיך נעהמען, זיך א נעהם טהאן, זיך שטארק איבערגעבען צו עפעס.

He took to drinking.

take to flight (טייק טו פלאיט) אנטלויפען.

take to heart (טייק טו הארט) זיך נעהמען צום הארצען, זיך קימערען.

take to one's bo'som (טייק טו הוואנז בוה'-זאם) הייראטען, חתונה האבען מיט...; ליעב בעקומען; פערטרויען.

take to one's heels (טייק טו הוואנז היעלז) מאכען פליטה, אנטלויפען.

take to piec'es (טייק טו פיעס'-עז) פאנאנדערנעהמען; צוגליעדערען, אנאליזירען.

take to task (טייק טו טעסק) נעהמען אויף'ן ביינקעל, אויס'מוסר'ען, אויסשטראפען, רופען צו פעראנטווארטליכקייט.

take to the road (טייק טו טהי ראוד) זיך ארויסלאזען אין וועג, זיך ארויסלאזען אויף א רייזע; זיך ארויסלאזען אויף א רייזע-טור [ווענען א טעאטער-געזעלשאפט, צירקוס א. ז. וו.]; ווערען א גאסען-רויבער; ווערען א וואגאבונד [בראדיאגא].

take turns (טייק טורנז) זיך בייטען אלע מאל [מיט די פלעצער].

take up (טייק אפ) ;1. אויפהויבען; 2. אויפקלייבען, אויפנעהמען; 3. איינזויגען אין זיך; 4. ארעסטירען; 5. אנהויבען; זיך נעהמען; 6. אויסגלייכען, צורעכט מאכען, גוט מאכען; 7. צוזאמענקניפען, צוזאמענבינדען; 8. אויס'מוסר'ען, אויסזידלען, אויסשטראפען; 9. פערנעהמען; 10. לייהען, בארגען; 11. בעקומען לאנד-אייגענטום; 12. אננעהמען; 13. בעצאהלען; 14. פערשטאפען אן עפנונג [ווי למשל, אין א רעהר].

2. The vessel **took up** the crew of the wrecked ship. 3. Sponges **take up** water. 5. It is high time for you to **take up** some profession. 7. The doctor **took up** the artery. 8. We **took** him **up** roundly for his behavior. 9. The subject **took up** most of the time. 13. We decided to **take up** the loan.

take up a quar'rel (טייק אפ ע קהוואר'-על) 1. אנהויבען א מחלוקה; 2. אויסגלייכען א מחלוקה.

1. The players **took up a quarrel**. 2. The friends could not **take up** their **quarrel**.

take up arms (טייק אפ ארמז) ז. *take arms*.

take upon' one (טייק א-פאן' הוואן) ז. *take on one*.

take up short (טייק אפ שאהרט) איבערשלאגען אדער אבשטעלען מיט איין מאל; ענטפערען קורץ און שארף; אונהעפליך בעהאנדלען, גראב אויסזידלען.

take up the bees (טייק אפ טהי ביעז) טויטען די ביענען [מיט ברענענדען שוועבעל], אום צו בעקומען דעם האניג.

take up the cross (טייק אפ טהי קראהס) נעהמען אויף זיך ליידען און פייניגונגען אוים פרומקייט [ביי קריסטען].

take up the cudg'els (טייק אפ טהי קאדזש'-עלז) אנהויבען א קאמפף, זיך ארייננווארפען אין קאמפף.

take up the gaunt'let (טייק אפ טהי גאהנט'-לעט) אויפהויבען די האנדשוה [אננעהמען אן ארויספאדערונג צום קאמפף]; פערטיידיגען אימעצען אדער עפעס.

take up the glove (טייק אפ טהי גלאוו) אויפהויבען די האנדשוה [אננעהמען אן ארויספאדערונג צום קאמפף].

take up the hatch'et (טייק אפ טהי העטש'-עט) אנפאנגען א מלחמה.

take up the run'ning (טייק אפ טהי ראנ'-אינג) אנהויבען שנעל לויפען; לויפען פאראויס, זיין אן דער שפיצע; נעהמען א שטארקען אנטייל אין עפעס.

take up with (טייק אפ הוויטה) זיך חבר'ען; זיך צופריעדענשטעלען מיט...; אננעהמען, זיך אנכאפען [אן א גערצאנק, א טעאריע].

take vent (טייק ווענט) בעקאנט ווערען [אין דער עפענטליכקייט].

take wa'ter (טייק הוואה'-טער) זיך ארויסדרעהען, זיך ארויסמאכען; זיך אבטראגען, אנטלויפען.

take wind (טייק הווינד) זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

The particulars of the graft scandal **took wind**, and found their way into the public press.

take wing (טייק הווינג) אוועקפליהען; אנטלויפען.

take with (טייק הוויטה) מיטנעהמען; אננעהמען אלס חבר, בעגלייטער אדער נאכפאלגער; זיך שטעלען אויף איינעמס זייט.

take with a grain of salt (טייק הוויטה ע גריין אוו סאהלט) ניט פאלשטענדיג אננעהמען אדער גלויבען.

The statement was **taken with a grain of salt**.

ta'king *n. and a.* (טיי'-קינג) נעהמונג; אננעהמונג; פערכאפונג; דאס געווינען אדער קריגען; אנציהונג, בעצויבערונג; בעצויבערטקייט; דאס זיין אין א פערלעגענהייט אדער שוועריגקייט; דאס בעקומען, דאס געקרענקט, דאס גענומענע; אין דרוקעריי — דער מאנוסקריפט וואס א שריפטזעצער קריגט פאר איין מאל; בעצויבערענד, אנציהענד, אנגענעהם; אנשטעקענד.

ta'kingly *adv.* (טיי'-קינג-לי) אויף אן אנציהענדען, אנגענעהמען אדער בעצויבערענדען אופן.

ta'kingness *n.* (טיי'-קינג-נעס) אנגענעהמליכקייט; דאס זיין אנציהענד אדער בעצויבערענד.

ta'king-off' *n.* (טיי'-קינג-אף) ארונטערנעהמונג; בעזייטיגונג; דאס פטור ווערען; טויטונג, ערמארדונג.

ta'kings *n.* (טיי'-קינגז) איינגאהמען.

ta'ky *a.* (טיי'-קי) אנציהענד, אנגענעהם, בעצויבערענד.

tal'apoin *n.* (טעל'-ע-פאין) א טאלאפאין [א בודיסטישער מאנאך]; די שווארצנאזיגע אפע, די טאלאפאין-אפע.

tala'ria *n.* (טע-ליי'-רי-א) שיך מיט פליגלען אדער פליגלען ביי די פוס-קנעכעל אויף די פיגורען פון איינינע גריכיש געטער אלס סימבאל פון שנעלקייט.

talar'ic *a.* (טע-לער'-איק) וואס דערגרייכט די פוס-קנעכלען, וואס איז שייך צו די פוס-קנעכלען.

tal'bot *n.* (טאהל'-באט) א מין יאגד-הונד מיט א ברייטען מויל און לאנגע, אראבהענגענדע אויערען.

tal'botype *n.* (טאהל'-בא-טאיפ) ז. *calotype*.

talc *n. and v.* (טעלק) טאלק [א מין גלאטער, גלאנציגער, דורכזיכטיגער און נעבלעטערטער שטיין]; רייבען מיט טאלק.

tal'cite *n.* (טעל'-סאיט) טאלקיט [אזא טאלק. ז. *talc*]; אזא גלימער אדער מאריען-גלאז [ז. *muscovite*].

tal'cky *a.* (טעל'-קי) ז. *talcose*.

tal'coid *a.* (טעל'-קאיד) טאלקיג, טאלק-ארטיג. ז. *talc*.

tal'cose *a.* (טעל'-קאוס) טאלקיג, טאלק-ארטיג, וואס ענטהאלט טאלק, וואס בעשטעהט פון טאלק. ז. *talc*.

tal'cous *a.* (טעל'-קאס) ז. *talcose*.

tal'cum *n.* (טעל'-קאם) טאלק-שטיין; טאלק-פודער [א פולווער געמאכט פון טאלק-שטיין].

tal'cum pow'der (טעל'-קאם פאו'-דער) טאלק-פודער [א פולווער געמאכט פון טאלק-שטיין].

tale *n.* (טייל) 1. א געשיכטע, אן ערצעהלונג, א מעשה; 2. א קלאנג, א סלוך; א רכילות; א ליגען; 3. א רעכנונג; א סומע; 4. א טאעל [ז. *tael*].
2. He is going around telling slanderous tales about us.

tale'bearer *n.* (טייל'-בעהר-ער) אן איבערדערצעהלער, אן אבדערצעהלער; א רכילות'ניק.

tale'bearing *n. and a.* (טייל'-בעהר-אינג) דאס איבערדערצעהלען, דאס אבדערצעהלען; רכילות=טרייבעריי; אבדערצעהלענד; וואס פערשפרייט רכילות.

tale'ful *a.* (טייל'-פול) פול מיט געשיכטען, וואס ענטהאלט פיעל געשיכטען.

Talegalli'næ *n.* (טעל-אי-גע-לאי'-ניע) די טאלעגאלא=היהנער [דער מין אויסטראלישע אינדיקעס, וועלכע פערגראבען זייערע אייער אין גריבער].
ז. *brush-turkey* און *mound-bird*

Talegal'lus *n.* (טעל-אי-געל'-אם) ז. *Talegallinæ*

tal'ent *n.* (טעל'-ענט) 1. טאלאנט, נאטור=גאבע, פעהיגקייט [איינגעבארענע אדער ענטוויקעלטע]; 2. טאלאנטפאלע פערזאנען.
2. All the talent of the country is enlisted in the cause.

tal'ented *a.* (טעל'-ענ-טעד) מיט טאלאנט, טאלאנטפול, בעגאבט, פעהיג.

tale of a tub (טייל אוו ע טאב) א נארישע בבא=מעשה; א ניט=געשטויגענע ניט=געפלויגענע געשיכטע.

ta'les *n.* (טיי'-ליעז) ערזאץ=מענער פון א יורי [פערזאנען ספעציעל איינגעלאדענע אדער פון די צופעליג אנוועזענדע אין געריכט, וואס ווערען פון געריכט בעשטימט צו זיצען אלס געשווארענע אין פאל ווען די בעשטימטע געשווארענע קומען ניט אין געריכט אדער ווען מען האט פון זיי ניט געקענט אויסקלייבען די נויטיגע צאהל]; א בעפעהל אויסצופילען די צאהל געשווארענע מיט ערזאץ=מענער.

ta'les-book *n.* (טיי'-ליעז-בוק) א בוך מיט נעמען פון מענשען, וואס קענען דיענען אלס ערזאץ=מענער פון א יורי.
ז. *tales*

tales'man *n.* (טיילז'-מען) אן ערצעהלער, אן ערצעהלונגס=פערפאסער, א געשיכטען=פערפאסער; אן ערזאץ=מאן פון א יורי [הויפטזעכליך פון די צופעליג=אנוועזענדע אין געריכט. ז. *tales*].

tale'teller *n.* (טייל'-טעל-ער) א געשיכטען=דערצעהלער; אן אבדערצעהלער; א רכילות'ניק.

tale'wise *adv.* (טייל'-הוואיז) אין דער פארם פון אן ערצעהלונג.

tal'ian *n.* (טעל'-אי-ען) אזא באהעמישער טאנץ; מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

talie'ra *n.* (טעל-אי-איי'-רא) א טאליערא=פאלמע [אזא אסט=אינדישער פאלמען=בוים מיט פעכער=עהנליכע בלעטער].

talie'ra-palm *n.* (טעל-אי-איי'-רא-פאהם) ז. *taliera*

tal'io *n.* (טעל'-אי-או) ז. *talion*

tal'ion *n.* (טעל'-אי-אן) וויעדערפערגעלטונג; דאס בעשטראפען אדער אבצאהלען מדה כנגד מדה; דאס שטראף=געזעץ פון עין תחת עין, שן תחת שן; נקמה, ראכע.

talion'ic *a.* (טעל-אי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו וויעדערפערגעלטונג אדער צו דער בעשטראפונג אדער אבצאהלונג מדה כנגד מדה; וואס איז שייך צום שטראף=געזעץ פון עין תחת עין, שן תחת שן.

tal'ipat *n.* (טעל'-אי-פעט) ז. *talipot*

tal'iped *a. and n.* (טעל'-אי-פעד) קרום=פיסיג, מיט אויסגעדרעהטע פיס; א קרום=פיסיגער, איינער וואס האט אויסגעדרעהטע פיס.

tal'ipes *n.* (טעל'-אי-פיז) קרום=פיסיגקייט, אויסגעדרעהטע פיס.

tal'ipot *n.* (טעל'-אי-פאט) אזא אסט=אינדישע פאלמע מיט פעכער=עהנליכע בלעטער.

tal'ipot-palm *n.* (טעל'-אי-פאט-פאהם) ז. *talipot*

tal'iput *n.* (טעל'-אי-פאט) ז. *talipot*

tal'isman *n.* (טעל'-איס-מען) א טאליסמאן, א צויבער=מיטעל, א סגולה, א לחש, א קמיע.

talisman'ic *a.* (טעל-איס-מענ'-איק) וואס האט די איינגענשאפטען אדער די קראפט פון א טאליסמאן [א צויבער=מיטעל, א קמיע]; צויבעריש; מאגיש.

tal'ith *n.* (טעל'-איטה) א טלית.

talk *v. and n.* (טאהק) 1. רעדען; זאגען; 2. פלאפלען, פלוידערען, שוואצען; 3. האבען א געשפרעך, פיהרען א געשפרעך, בעשפרעכען; 4. זיך דורכרעדען מיט, זיך בעראטהען; 5. ארויסגעבען קלאנגען ווי פון רייד; 6. ווירקען אדער ברייגנען צו עפעס דורך רעדען; 7. א געשפרעך; א גערייד; א קלאנג, א סלוך; 8. א טהעמא אדער געגענשטאנד פון געשפרעכען אדער קלאנגען; 9. א בעשפרעכונג, א פערהאנדלונג, א בעראטהונג; 10 א שפראך.
3. He is always talking philosophy. 6. He nearly talked me mad. 7. There is talk of preparations for war. 8. He is the talk of the town. 10. The missionary learned the talk of the natives.

talk around' (טאהק ע-ראונד') איבערעדען [אימעצען].

talk'ative *a.* (טאהק'-ע-טיוו) בערעדעוודיג; פלוידעריש, פלאפלעריש, וואס רעדט פיעל, וואס שוואצט.
A secret is more safe with a treacherous knave than with a talkative fool.

talk'atively *adv.* (טאהק'-ע-טיוו-לי) בערעדעוודיג, רעדענדיג פיעל, פלוידערענדיג, פלאפלענדיג, שוואצענדיג.

talk'ativeness *n.* (טאהק'-ע-טיוו-נעס) בערעדיוודיגקייט, פלוידערישקייט, דאס רעדען פיעל, דאס שוואצען.

talk away' (טאהק ע-הוויי') פערברייגנען אין רעדען, פטר'ען [צייט] אין רעדען.
We talked away many dreary hours.

talk big (טאהק ביג) רעדען מעשה גרויסער מענש; רעדען בעריהמעריש.

talk busi'ness (טאהק ביז'-נעס) רעדען צו דער זאך.

talk down (טאהק דאון) אריבעררעדען.
One fool will talk down a dozen wise men.

talked out (טאהקט אוט) האבענדיג אויסגעשעפט די רייד אדער ארגומענטען.

talk'ee-talk'ee *n.* (טאהק'-איע-טאהק'-איע) 1. א פערדארבענער דיאלעקט; 2. פלאפלעריי, פלוידעריי, שוואץ.
1. He learned the talkee-talkee of the Indians. 2. Her talkee-talkee drives one mad.

talk'er *n.* (טאהק'-ער) א ריידער, איינער וואס רעדט א סך, א פלוידערער, א פלאפלער, א שוואצער.

talk from the point (טאהק פראם טהי פאינט) אוועקגעהן פון ענין, זיך פעררעדען.

talk from the sub'ject (טאהק פראם טהי סאב'-דזשעקט) אוועקגעהן פון ענין, זיך פעררעדען.

talk'ful *a.* (טאהק'-פול) ז. *talkative*

talk Greek (טאהק גריעק) רעדען "טערקיש" [רעדען אויף אן אונפערשטענדליכער שפראך, רעדען אונפערשטענדליך].

talk i'dly (טאהק אי'-דלי) פלוידערען, פלאפלען, שוואצען.

talk'ing *n. and a.* (טאהק'-אינג) 1. דאס רעדען, א גערייד, א געשפרעך; 2. בערעדעוודיג, פלאפלעריש, פלוידעריש; 3. אויסדרוקספול.
3. There is always on his table a picture of a pale woman with talking eyes.

talk'ing i'ron (טאהק'-אינג אי'-ערן) א ביקס, א שיס=געוועהר.

talk'ing-machine' *n.* (טאהק'-אינג-מע-שין') א שפרעך=מאשין, א פאנאגראף.

talk'ing of (טאהק'-אינג אוו) אקעגען דעם וואס מען זאגט..., ווען עס איז שוין געקומען צו רייד, אגב אורחא.

talk'ing-to *n.* (טאהק'-אינג-טו) אויסזידלונג, אויסשטראפונג.
He gave him a good talking-to.

talk large (טאהק לארדזש) זיך בעריהמען.

talk like a Dutch un'cle (טאהק לאיק ע דאטש אנקל) רעדען ווי א גוטער אבער שטרענגער בעל=טובה'ניק [אדער ווי א פעטער, פון וועלכען מען ערווארטעט א ירושה].

talk mil'lions (טאהק מיל'-יאנז) זיך בעריהמען.

talk of (טאהק אוו) רעדען, זאגען אדער בעמערקען וועגען...; בעשפרעכען; אין זינען האבען, פלאנעווען.
He talks of returning next week.

talk one to death (טאהק הוואן טו דעטה) פעררעדען צום טויט.

talk o'ver (טאהק או'-ווער) 1. איבעררעדען [אימעצען]; 2. זיך איבעררעדען, זיך דורכרעדען [וועגען עפעס].
1. I managed to talk over my opponent. 2. We talked the matter over.

talk round (טאהק ראונד) אויסשעפען א טהעמא אדער ענין; איבעררעדען [אימעצען].

talk shop (טאהק שאפ) רעדען וועגען דער איינענער בעשעפטיגונג, ארבייט אדער פראפעסיאן; געברויכען פראפעסיאנעלע אויסדריקע.

talk to (טאהק טו) 1. רעדען צו...; 2. אויסזידלען, אויסשטראפען; 3. זיך שרכן'ען צו...
2. The father promised the teacher to talk to his son about his behavior. 3. Judge Jackson's son has been talking to my daughter, nigh a year.

talk to the point (טאהק טו טהי פאינט) רעדען צו דער זאך, זיך האלטען אן ענין.

talk to the pur'pose (טאהק טו טהי פויר'-פאס) רעדען צו דער זאך, רעדען צום פונקט.

talk to the sub'ject (טאהק טו טהי סאב'-דזשעקט) רעדען צו דער זאך, זיך האלטען אן ענין.

talk tur'key (טאהק טויר'-קי) רעדען באמבאסטיש, רעדען מיט הויך=קלינגענדע פראזען.

talk up (טאהק אפ) 1. רעדען שארף, מוטיג אדער עזות'דיג; 2. זיך דורכרעדען, בעטראכטען פלענער; 3. לויבען.
1. He lost his job because he talked up to his superior.

tal'ky *a.* (טעל'-קי) ז. *talcose*

talk'y *a.* (טאהק'-אי) בערעדעוודיג, וואס רעדט צו פיעל; פלוידעריש, פלאפלעריש.

talk'y-talk'y *n.* (טאהק'-אי-טאהק'-אי) ז. *talkee-talkee*

tall *a.* (טאהל) הויך, לאנג, גרויס; אויסערגעוועהנליך, מערקווירדיג.

tal′lage *n. and v.* (טעל′-עדזש) א שטייער; ארויפלעגען א שטייער, בעשטייערען. ז. *tailage*.

tall′-boy *n.* (טאהל′-באי) אזא הויכע, גרויסע, בעציערטע וויין-גלאז; אזא הויכער קאמאד מיט פיעל שופלאדען.

tal′les *n.* (טעל′-עז) א טלית.

tal′liage *n.* (טעל′-אי-עדזש) א שטייער. ז. *tallage*.

tal′liate *v.* (טעל′-אי-אייט) בעשטייערען, ארויפלעגען א שטייער.

tal′lier *n.* (טעל′-אי-ער) א רעכנונג-האלטער; א באנק-האלטער אדער באנקיר אין געוויסע קארטען-שפיעלען.

tal′lis *n.* (טעל′-איז) א טלית.

tal′lith *n.* (טעל′-איטה) א טלית.

tall′ness *n.* (טאהל′-נעס) הויכקייט, לאנגקייט, גרויסקייט.

tal′low *n., a. and v.* (טעל′-או) פעטס, חלב; פון חלב, געמאכט פון חלב; בעשמירען מיט פעטס אדער חלב; פעט מאכען, אבקארמען.

tal′low-chand′ler *n.* (טעל′-או-טשענד′-לער) א ליכט-ציהער, א ליכט-מאכער, א פאבריקאנט פון חלב'נע ליכט.

tal′low-chand′lery *n.* (טעל′-או-טשענד′-לער-אי) ליכט-ציהונג, פאבריקאציאן פון חלב'נע ליכט; א ליכט-ציהעריי, א פאבריק פון חלב'נע ליכט.

tal′low-cup *n.* (טעל′-או-קאפ) א פאר-ריכטונג אויטאמאטיש צו אוילען א מאשין.

tal′low dip (טעל′-או דיפ) א חלב'נע ליכט.

tal′lower *n.* (טעל′-א-ער) א חיה ביי וועלכער עס וואקסט חלב; א ליכט-ציהער, א ליכט-מאכער.

tal′low-face *n.* (טעל′-או-פיים) א בלאסער מענש, א מענש מיט א געלבליך-ווייסען געזיכט [אלס פערעכטליכער אויסדרוק].

tal′low-faced *a.* (טעל′-או-פייסט) בלייך, בלאס, מיט א קרענקליכער געלבליך-ווייסער געזיכטס-פארב.

tal′lowiness *n.* (טעל′-א-אי-נעס) חלב'דיגקייט, פעטיגקייט; עהנליכקייט צו חלב.

tal′lowish *a.* (טעל′-א-איש) פעטיג, חלב'דיג; ווי חלב.

tal′low-keech *n.* (טעל′-או-קיעטש) א קנויל חלב, א צונויפגעראלטע מאסע חלב.

tal′low-nut *n.* (טעל′-או-נאט) דער חלב-נוס-בוים, די חזיר-פלוים אדער די בערג-פלוים [אזא בוימעל אין די ווארימע טיילען פון אמעריקא מיט א פלוים-עהנליכער פרוכט]. ז. *hog-plum*.

tal′low-oil *n.* (טעל′-או-אויל) חלב-אויל [אויל אויסגעדריקט פון חלב].

tal′low-shrub *n.* (טעל′-או-שראב) ז. *bayberry*.

tal′low-top *n.* (טעל′-או-טאפ) אן עדעלשטיין אבגערונדעט פון אויבען און פלאך אונטען.

tal′low-topped *a.* (טעל′-או-טאפט) אבגערונדעט פון אויבען [וועגען עדעלשטיינער].

tal′low-tree *n.* (טעל′-או-טריע) דער חלב-בוים [אזא קליינער, גלאטער בוים מיט א זעהר הארטען האלץ און מיט פרוכט-זאמען, וועלכע גיבען ארויס אן אויל]; אזא גרויסער עקאליפטוס-בוים מיט אויליגען האלץ.

tal′lowwood *n.* (טעל′-או-הוואוד) דער חלב-עקאליפטוס, דער חלב-בוים [אן עקאליפטוס מיט אן אויליגען האלץ]. ז. *tallow-tree*.

tal′lowy *a.* (טעל′-א-אי) חלב'דיג, פעטיג.

tal′ly *n. and v.* (טעל′-אי) א קארב-האלץ, א שטעקעל איינצוקארבען צו האלטען א חשבון פון עפעס; א רעכנונג אויף א קארב-האלץ; א חשבון, א רעכנונג; א פערצייכענטע צאהל; א צאהל-איינהייט; א ברעטעל אדער צעטעל, אויף וועלכען עס איז פערצייכענט א נומער אדער נאמען [ווי דאס ברעטעל מיט א פערצייכענטען נומער אדער נאמען, וואס הענגט אויף א פלאנצע אין א באטאנישען גארטען]; א קראם וואו מען גיט אויף בארג אויף א קורצער צייט און מען פיהרט די חשבונות אויף איינקארבונגען; עטוואס צוגעפאסטעס, א דופליקאט, א גלייכער געגען-טייל; א צורוף צו יאגד-הינד; פערצייכנען; איינקארבען [א פערצייכנונג אדער חשבון]; רעכנען; צופאסען, צוגלייכען; זיין צוגעפאסט; אבצאהלען מדה כנגד מדה; האלטען די באנק [אין געוויסע קארטען-שפיעלען]; העצען יאגד-הינד.

Tal′ly *n.* (טעל′-אי) אן איטאליענער.

tal′ly-board *n.* (טעל′-אי-באורד) א ברעט צו פערצייכנען [דורך איינקארבונגען] די צאהל האלץ-קלעצער.

tal′ly-card *n.* (טעל′-אי-קארד) א פערצייכנונגס-קארטע פון געווינסען [אין קארטען-שפיעל אדער באל-שפיעלען].

tal′ly-ho′ *int., n. and v.* (טעל′-אי-האו′) אן אויסגעשריי פון יעגער צו זייערע הינד; א מין שפאציער-קארעט געשפאנט אין פיער פערד; אזא פאסט-וואגען; אויסרופען "טעללי-האו" [צו יאגד-הינד]; העצען יאגד-הינד.

tal′lying-machine′ *n.* (טעל′-אי-אינג-מע-שין′) א מאשין צו פערצייכנען די צאהל פון פאסאזשירען אדער געפעק [אויף א שיף, אין א מאגאזין א. ז. וו.].

tal′lyman *n.* (טעל′-אי-מען) איינער וואס האלט א רעכנונג אדער מאכט פערצייכנונגען; א קליין-הענדלער וואס גיט קורצען קרעדיט [אהן רעגעלמעסיגער בוך-פיהרונג]; איינער וואס נעהמט אן בעשטעלונגען אויף סחורות; א מאן וואס לעבט אונגעזעצליך מיט א פרוי.

tal′ly-mark *n.* (טעל′-אי-מארק) א רעכנונגס-צייכען, א צאהל-איינהייט ביים פערצייכנען [ווי למשל, דורך איינקארבונגען].

tal′ly-sheet *n.* (טעל′-אי-שיעט) א רעכנונגס-ליסטע; א צעטעל מיט חשבונות פון אבגעגעבענע שטימען [ביי וואהלען].

tal′ly-shop *n.* (טעל′-אי-שאפ) א קראם וואו מען גיט קרעדיט אויף א קורצער צייט אדער אויף קליינע אבצאהלונגען [אהן רעגעלמעסיגער בוך-פיהרונג].

tal′ly-stick *n.* (טעל′-אי-סטיק) א קארב-האלץ [צום האלטען א רעכנונג דורך איינקארבונגען].

tal′ly-trade *n.* (טעל′-אי-טרייד) קרעדיט-האנדעל, קליין-האנדעל אויף בארג [אהן רעגעלמעסיגער בוך-פיהרונג].

tal′ly-wife *n.* (טעל′-אי-הוואיף) ז. *tally-woman*.

tal′ly-wom′an *n.* (טעל′-אי-הוואומ′-ען) א קרעמערין, א קליין-הענדלערין וואס גיט קורצען קרעדיט [אהן רעגעלמעסיגער בוך-פיהרונג]; א פרוי וואס לעבט אונגעזעצליך מיט א מאן.

tal′ma *n.* (טעל′-מא) א טאלמע, אזא קורצער אויבערשטער דאמען-מאנטעל.

tal′mi-gold *n.* (טעל′-מי-גאולד) דאס טאלמי-גאלד [אזא קופער אדער מעש וואס ווערט געמאכט נאכצואהמען גאלד].

Tal′mud *n.* (טעל′-מאד) דער תלמוד, די גמרא, די תורה שבעל פה [די זאמלונג פון געזעצען, תקנות, פארשריפטען, לעגענדען און אגדות, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די רעליגיעזע ליטעראטור פון אידישען פאלק אין די צייטען פון בית שני און אין די ערשטע יאהרהונדערטע נאך'ן חרבן].

Talmud′ic *a.* (טעל-מאד′-איק) תלמודיש, וואס איז שייך צו תלמוד אדער גמרא.

Talmud′ical *a.* (טעל-מאד′-אי-קעל) ז. *Talmudic*.

Tal′mudist *n.* (טעל′-מאד-איסט) אן אנהענגער פון תלמוד, איינער וואס געהט נאך דער תלמודישער לעהרע; א תלמודיסט, א קענער פון תלמוד.

Talmudis′tic *a.* (טעל-מא-דיס′-טיק) ז. *Talmudic*.

tal′on *n.* (טעל′-אן) א קלויע [ביי א חיה]; א נאגעל [פון א רויב-פויגעל]; איינער פון די בערגעלעך אויף דער קוי-פלעכע פון א צאהן; די ארויסשטארצונג פון ציגעל פון א שלאס, אויף וועלכען עס דריקט דער שליסעל ביים עפענען אדער פערשליסען; דער טייל פון א טעשעל קארטען, וואס בלייבט נאכדעם, ווי מען האט אויסגעטיילט די נויטיגע צאהל קארטען פאר די שפיעלער; דער שפיץ פון א שווערד; אין באנק-געשעפט — א טאלאן, א טייל פון ווערטה-פאפיער, וואס קען אומגעביטען ווערען אויף א נייער סעריע קופאנען.

talook′ *n.* (טע-לוהק′) ז. *taluk*.

talook′dar *n.* (טע-לוהק′-דאר) ז. *talukdar*.

tal′pa *n.* (טעל′-פא) אין פאטאלאגיע — א בייל אדער געשוויר אויף'ן קאפ.

Tal′pa *n.* (טעל′-פא) דער מין מויל-ווארפען אדער קראטען. ז. *mole*.

tal′pine *a.* (טעל′-פין) וואס איז עהנליך צו א מוילוואורף אדער קראט.

taluk′ *n.* (טע-לוהק′) אין אסט-אינדיען — א טאלוק, א טייל פון א בעצירק אונטער דער אויפזיכט פון אן ארטיגען בעאמטען, וועלכער דארף דארטען אויפקלייבען שטייערען.

taluk′dar *n.* (טע-לוהק′-דאר) אין אסט-אינדיען — דער טאלוקדאר [אן ארטיגער בעאמטער פון א בעצירק, וועלכער קלייבט אויף די שטייערען].

ta′lus *n.* (טיי′-לאס) דאס קנעכעל-גליעד, דער קנעכעל-ביין; דער דאך-אראב אדער דער משופע'דיגער טייל פון א פעסטונגס-וואנד; שטיקער שטיינער און פעלזען, וואס זיינען אנגעווארפען אין א שפאלט צווישען בערג.

tamabil′ity *n.* (טיי-מע-ביל′-אי-טי) די צוימבארקייט, דאס לאזען זיך צוימען; דאס זיין געהארכזאם צום מענשען [וועגען חיות].

ta′mable *a.* (טיי′-מעבל) וואס לאזט זיך צוימען אדער צוגעוועהנען, וואס לאזט זיך מילדערען אדער זענפטיגען [וועגען א ווילדער חיה].

ta′mableness *n.* (טיי′-מעבל-נעס) די צוימבארקייט, די מעגליכקייט צו ווערען געזענפטיגט אדער געמילדערט [וועגען א ווילדער חיה].

tamal′ *n.* (טע-מאל′) א מעקסיקאנער געריכט פון קוקורוזע מיט פלייש געפעפערט מיט רויטען פעפער.

tama′le *n.* (טע-מא′-לע) ז. *tamal*.

taman'dua *n.* (טע-מענ'-דיו-א) אן אמייזען-פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'anoir *n.* (טעמ'-ע-נואר) דער גרויסער דרום-אמעריקאנישער אמייזען-פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'arack *n.* (טעמ'-ע-רעק) דער אמעריקאנער לערכען-בוים [א דינער און אפט זעהר הויכער בוים מיט זעהר א שטארקען האלץ. וואקסט אין די זומפיגע נארדטיילען פון נארד-אמעריקא].

tam'arick *n.* (טעמ'-ע-ריק) ז. ***tamarisk***.

tam'arin *n.* (טעמ'-ע-רין) דער טאמארין [אזא קליינע דרום-אמעריקאנישע אפע].

tam'arind *n.* (טעמ'-ע-רינד) דער טאמארינד [אזא בוים פון די הייסע לענדער]; די סטרוטשקעס אדער שויטען-פרוכט פון דעם טאמארינדען-בוים [ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס אן אבפיהר-מיטעל].

Tamarind

tam'arind-fish *n.* (טעמ'-ע-רינד-פיש) אן אינדישעס געריכט פון פיש, וואס איז צוגעריכט מיט דעם זאפט פון דער פרוכט פון טאמארינדען-בוים. ז. ***tamarind***.

tam'arisk *n.* (טעמ'-ע-ריסק) די טאמאריסקע [אזא קליין בוימעל אדער בוש מיט פעדער-ארטיגע צווייגלעך. וואקסט אין די ווארימע לענדער און בעזאנדערס ארום די ברעגען פון מיטעללענדישען ים].

tam'bac *n.* (טעמ'-בעק) טאמבאק [א גאלד-פארביגע מישונג פון קופער און צינק]; אלאען-האלץ [דאס האלץ פון אן אלאען-בוים].

tam'bor *n.* (טעמ'-באר) א מין בלאזפיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף].

tam'bour *n.* and *v.* (טעמ'-בוהר) א קליינע פויק, א פייקעל; א טאמבור, א שטיקעריי-ראהם [א ראהם צו מאכען שטיקעריי-ארבייט]; טאמבוריר-ארבייט, שטיקעריי-ארבייט; אין ארכיטעקטור — איינער פון די צילינדער-פערמיגע שטיינער, פון וועלכע עס ווערט צוזאמענגעשטעלט א רונדער זייל; די וואנד פון א רונדער געביידע [בעזאנדערס פון א קירך], וואס איז ארומגערינגעלט מיט זיילען; א מין פארהויז צו א געביידע [בעזאנדערס צו א קירך]; אין פעסטונגס-ווערק — א רונדער הילצערנער פארקאן, וואס דיענט אלס שוץ פון דער הויפט פעסטונגס-וואנד; מאכען שטיקעריי-ארבייט אדער האפט-ארבייט מיט א שטיקעריי-ראהם, טאמבורירען; דעקארירען מיט אויסגעשטיקטע אדער אויסגעהאפטע ארבייט.

tam'boura *n.* (טעמ'-בו-רא) די טאמבורא [אן אריענטאלישער מוזיקאלישער אינסטרומענט ענליך צו א גיטארע אדער מאנדאלין].

tam'bour-frame *n.* (טעמ'-בוהר-פריים) א שטיקעריי-ראהם [א ראהם, אויף וועלכער עס ווערט אנגעצויגען דאס טוך וואס ווערט געשטיקט אדער געהאפט].

tambourine' *n.* (טעמ-בו-רין') א טאמבורין, אזא לייכטעס פייקעל מיט גלעקלעך [ווערט פיעל בענוצט פון שפאנישע טענצערינס]; אזא פראוואנסאלער טאנץ; די מוזיק צו דיעזען טאנץ; אזא אפריקאנישע טויב.

tam'bour-nee'dle *n.* (טעמ'-בוהר-ניע'דל) א טאמבור-נאדעל, א האפט-נאדעל, א שטיק-נאדעל.

tam'bour-stitch *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש) א קרייץ-שטאך, אן ארט האפטען, וואו די שטעך געהען געקרייצט.

tam'bour-stitch'er *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש'-ער) איינער וועלכער האפט אדער נעהט אויס אויף א טאמבור אדער שטיקעריי-ראהם.

tam'bour-work *n.* (טעמ'-בוהר-הוואירק) שטיקעריי אדער האפטעריי וואס ווערט געמאכט אויף א טאמבור אדער שטיקעריי-ראהם.

tambreet' *n.* (טעמ-בריעט') דאס שנאבעל-טהיער. ז. ***duckbill***.

tam'buret-stitch *n.* (טעמ'-בו-רעט-סטיטש) ז. ***tambour-stitch***.

tamburo'ne *n.* (טעמ-בו-ראו'-נע) א גרויסע פויק.

tame *a.* and *v.* (טיים) געצוימט, ניט ווילד, צוגעוועהנט צום הויז, הויזליך [וועגען טהיערע]; ציוויליזירט, מיט ערציהונג, מיט מאניערען [וועגען מענשען]; פאלגזאם, געהארכזאם, בויגזאם; מאט, טעמפ, שלעפריג, אהן לעבען; געשמאקלאז, ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; אהן עפעקט, אהן ווירקונג; צוימען, ברעכען די ווילדקייט; בעצווינגען, מאכען געהארכזאם; בויגען, מאכען אונטערטעניג; מאכען מאט, שוואך, טעמפ.

tameabil'ity *n.* (טיי-מע-ביל'-אי-טי) ז. ***tamability***.

ta'meable *a.* (טיי'-מעבל) ז. ***tamable***.

tame'less *a.* (טיימ'-לעס) אונגעצוימט; וואס קען ניט געצוימט ווערען, וואס קען ניט געמילדערט ווערען.

tame'lessness *n.* (טיימ'-לעס-נעס) דאס ניט קענען געצוימט ווערען.

tame'ly *adv.* (טיימ'-לי) אונטערווערפיג, נאכגעביג.

tame'ness *n.* (טיימ'-נעס) געצוימטקייט, אונטערווערפיגקייט; שוואכקייט.

ta'mer *n.* (טיי'-מער) א בענדיגער, א צוימער [איינער וואס צוימט אדער ברעכט די ווילדקייט פון חיות].

Tam'il *n.* (טעמ'-איל) די טאמילען, איינער פון די קולטורעלסטע שבטים, וועלכע בעזיצען דעם דרום-טייל פון אסט-אינדיען; די טאמילישע שפראך [די שפראך, וועלכע בעזיצט די רייכסטע פארצייטיגע אסט-אינדישע ליטעראטור].

tam'in *n.* (טעמ'-אין) טאמין אדער סטאמין [אזא דינעס גלאנציגעס וואלען-צייג].

tam'ine *n.* (טעמ'-אין) ז. ***tamin***.

tam'iny *n.* (טעמ'-אי-ני) ז. ***tamin***.

tam'is *n.* (טעמ'-איס) אזא צייג געמאכט צו זייערען אדער פילטרירען א פליסיגקייט; א זייערעל אדער פילטער געמאכט פון צייג.

tamise' *n.* (טע-מיז') טאמיז, דינעס וואלען-צייג.

tam'kin *n.* (טעמ'-קין) ז. ***tampion***.

Tam'many *n.* (טעמ'-ע-ני) ז. ***Tammany Society***.

Tam'many Hall (טעמ'-ע-ני האהל) טעמעני האל, די אפיציעלע ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין ניו יארק. ז. ***Tammany Society***.

Tam'many Soci'ety (טעמ'-ע-ני סא-סאי'-ע-טי) די טעמעני-געזעלשאפט [א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין ניו יארק אין יאהר 1789 און האט אנגענומען דעם נאמען פון א פריינדליכען פיהרער פון אן אינדישען שבט — טעמעני — וועלכען די קעמפפער פאר פרייהייט אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן האבען אין שפאס פערהייליגט אלס דעם פאטראן און בעשיצער פון דער נייער אמעריקאנער רעפובליק. די געזעלשאפט האט זיך געגרינדעט מיט די צוועקען פון געגענזייטיגער הילף און אונטערשטיצע, נאר שפעטער האט זי זיך פערוואנדעלט אין א ריין-פאליטישער ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי]. ז. ***Tammany Hall***.

Tam'muz *n.* (טעמ'-אז) דער חדש תמוז; א סירישע גאטהייט, דיזעלבע ווי אדאניס, וועמעס יום-טוב מען פלעגט פייערען ראש חודש תמוז.

tam'my *n.* (טעמ'-אי) ז. ***tamin***.

tamp *v.* (טעמפ) פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; אנשטאפען עפעס.

tam'per *v.* and *n.* (טעמ'-פער) זיך פארען; האבען צו טהאן; מאכען אונגעזעצליכע ענדערונגען, קאליע מאכען; פעלשען [ווי למשל, א דאקומענט]; מאכען נארישע פראבען; בענוצען געהיימע מיטלען; ווירקען אויף אן אונעהרליכען אופן; אונטערקויפען; איינער וואס פערשטאפט א לאך אין אן אויסגעבויערטען פעלז נאכדעם ווי מען האט אין איהם אריינגעלעגט אויפרייסענדען מאטעריאל; אן אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום פערשטאפען עפעס.

tam'perer *n.* (טעמ'-פער-ער) איינער וואס ווירקט אויף דעם אנדערען דורך אונעהרליכע מיטלען; איינער וואס בענוצט געהיימע מיטלען; איינער וואס פארעט זיך, האט צו טהאן אדער מישט זיך; איינער וואס מאכט ענדערונגען, מאכט קאליע אדער פעלשט [ווי א דאקומענט].

tam'ping *n.* (טעמ'-פינג) דער שטאף וועלכער דיענט צו פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; די פערשטאפונג פון אזא לאך אין א פעלז.

tam'ping-bar *n.* (טעמ'-פינג-באר) דער שטאנג מיט וועלכען מען פערשטאפט דאס לאך פון א פעלז נאך דעם ווי עס ווערט דערין אריינגעטהאן פולווער דעם פעלז צו צושיסען.

tam'ping-i'ron *n.* (טעמ'-פינג-אי'-ערן) ז. ***tamping-bar***.

tam'pion *n.* (טעמ'-פי-אן) א שטאפקע; די שטאפקע פון א קאנאן.

tam'pon *n.* and *v.* (טעמ'-פאן) אין כירורגיע — א טאמפאן, שטיקלעך וואטע אדער מארלע מיט וואס מען פערשטאפט אן עפנונג אין קערפער ניט צו דערלאזען א בלוט-שטורץ; מאכען א טאמפאן; פערשטאפען א וואונד אדער קערפער-עפנונג.

tamponade' *n.* (טעמ-פא-נייד') ז. ***tamponage***.

tam'ponage *n.* (טעמ'-פאנ-עדזש) אין כירורגיע — דאס פערשטאפען אן עפנונג פון קערפער מיט א טאמפאן. ז. ***tampon***.

Tam'ul *n.* (טעמ'-אל) ז. ***Tamil***.

tan *v.*, *n.* and *a.* (טען) גארבען [פעל]; ברוינען, מאכען ברוין; אין דער פאבריקאציאן פון קינסטליכען מארמאר — מאכען דעם שטאף [זשעלאטין און גומי-ארט], עס זאל ניט פאנאנדערגעלאזען ווערען אין וואסער; ווערען געגארבט [ווי

לעדער]; בעקומען א ברוינעם קאליר; שטויסען [ווי מען שטויסט קארע פאר גארבעריי], קלאפען, שלאגען; גארבער־קארע [קארע פון א בוים וואס ווערט בענוצט אין גארבעריי]; א ברוינער קאליר; דער קאליר פון דער הויט וואס איז אבגעברענט אויף דער זון; פון א ברוינעם קאליר; געלב־ברוין.

tan'ager *n.* (טענ'-ע-דזשער) די טאנאגרא [א מין אמעריקאנישער פויגעל פון א העל־רויטען אדער גרינליך־געלבען קאליר].

tan'-balls *n.* (טענ'-באהלז) אויסגעניצטע קארע, מיט וועלכער מען האט געגארבט פעל, וואס ווערט אויסגעטריקענט אין צוזאמענגעדריקטע שטיקער און ווערט געברויכט צום הייצען.

tan'-bark *n.* (טענ'-בארק) גארבער־קארע [קארע וואס ווערט בענוצט צו גארבען פעל].

tan'-bath *n.* (טענ'-בעטה) א וואנע פון וואסער מיט דער עסענץ פון גארבער־קארע.

tan'-bed *n.* (טענ'-בעד) ז. ***bark-bed***.

tan'dem *adv. and n.* (טענ'-דעם) געשפאנט נא־שפיץ, געשפאנט איינס פארויס פאר'ן אנדערען [וועגען פערד אין א קארעט]; א קארעט מיט פערד איינגעשפאנט נא־שפיץ; א וועלאסיפעד פאר צוויי מענשען, וואו איינער זיצט הינטער דעם אנדערען.

tan'dem en'gine (טענ'-דעם ענ'-דזשין) א טאנדעם־מאשין [א דאמפף־מאשין מיט צוויי צילינדערס איינער הינטער דעם אנדערען].

tan'-extrac'tor *n.* (טענ'-עקס-טרעק'-טאר) א מאשין צו שטויסען קארע און אויספרעסען טאנין. ז. ***tannic acid***.

tang *n. and v.* (טענג) א צינגעל־פערמיגע ארויסשטארצונג פון עפעס; א צינגעל־פערמיגער און שפיציגער טייל פון א זאך [ווי דאס צינגעל פון א ספראנזשקע]; אן אונגעוועהנליכער שלעכטער גערוך פון עפעס; אן אונאנגענעהמער כאראקטער־שטריך; א מין ים־גראז; א שארפער, גרילצענדער קול; ארויסלאזען אדער מאכען ארויסצולאזען א שארפען, גרילצענדען קול אדער קלאנג; קלינגען; שמוצערען; מאכען עפעס מיט אן ארויסגעשטארצטען צינגעל.

tan'galung *n.* (טענ'-גע-לאנג) דער טאנגאלונג, די ציבעט־קאץ פון סומאטרא. ז. ***civet-cat***.

tan'gence *n.* (טענ'-דזשענס) ז. ***tangency***.

tan'gency *n.* (טענ'-דזשען-סי) די בעריהרונג.

tan'gent *n. and a.* (טענ'-דזשענט) אין געאמעטריע — די בעריהרונגס־ליניע [א גלייכע ליניע וועלכע קומט אין א געוויסען פונקט אין בעריהרונג מיט א געדרעהטער אדער קרומער ליניע]; אין טריגאנאמעטריע — די טאנגענטע, א געוויסע פונקציאן [ז. ***function***] פון א ווינקעל אין א רעכט־ווינקעלדיגען דריי־עק. דיעזע פונקציאן דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטניס פון דער לענג פון דער ווערטיקאלער זייט פון דיעזען דריי־עק צו דער לענג פון זיין האריזאנטאלער זייט [אין דער אנגעגעבענער צייכנונג איז די טאנגענטע — די פונקציאן פון ווינקעל *a*, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטניס פון דער ליניע ***AB*** צו דער ליניע ***CB***]; וואס בעריהרט אין איין פונקט [ווי א בעריהרונגס־ליניע].



Tangent

tan'gental *a.* (טענ'-דזשען-טעל) ז. ***tangential***.

tangen'tial *a.* (טען-דזשענ'-שעל) וואס איז שייך צו א טאנגענטע אדער בעריהרונגס־ליניע. ז. ***tangent***.

tangential'ity *n.* (טען-דזשען-שי-על'-אי-טי) דאס האבען דעם כאראקטער אדער די אייגענשאפטען פון א טאנגענטע. ז. ***tangent***.

tangen'tially *adv.* (טען-דזשענ'-שעל-אי) אין דער ריכטונג פון א טאנגענטע אדער בעריהרונגס־ליניע. ז. ***tangent***.

tan'gent plane (טענ'-דזשענט פליין) א פלעכע, וועלכע האט איין בעריהרונגס־פונקט מיט א געבויגענער אויבערפלעכע, ווי מיט א קוגעל, א צילינדער א. ד. ג.

Tangerine' *a. and n.* (טען-דזשע-ריען') וואס איז שייך צו טאנזשער [א וויכטיגער פארט פון מאראקא ביי דער ים־שטראסע גיבראלטאר]; אן איינוואוהנער פון טאנזשער.

tang'fish *n.* (טענג'-פיש) א ים־הונד. ז. ***seal***.

tan'ghin *n.* (טענ'-גין) דער טאנגין [א שטארקער גיפט וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פרוכט פון א געוויסען מאדאגאסקארער בוים]; דער בוים, פון וועלכען מען בעקומט דעם טאנגין־גיפט.

tangib'ile *n.* (טען-דזשיב'-אי-לי) א זאך וואס מען קען אנטאפען אדער וואהרנעהמען דורך'ן חוש המשוש.

tangibil'ity *n.* (טען-דזשי-ביל'-אי-טי) די בעריהרבארקייט, די פיהלבארקייט, די מעגליכקייט אנצוטאפען מיט דער האנד; ממשות'דיגקייט.

tan'gible *a.* (טענ'-דזשיבל) בעריהרבאר, פיהלבאר, וואס קען אנגעטאפט ווערען; דייטליך, ממשות'דיג.

tan'gibleness *n.* (טענ'-דזשיבל-נעס) ז. ***tangibility***.

tan'gibly *adv.* (טענ'-דזשי-בלי) אויף א בעריהרבארען אדער פיהלבארען שטייגער; אויף אן אופן וואס מען קען אנטאפען מיט די הענד.

tan'gle *v. and n.* (טענגל) פערוויקלען, פערפלאנטערען, פערקניפלען; אריינציהען אין א פלאנטער, פערכאפען אין א נעץ; זיין פערפלאנטערט; א פלאנטער; א פערלעגענהייט; א מין ים־גראז.

tan'gled *a.* (טענגלד) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'gle-fish *n.* (טענ'גל-פיש) דער נאדעל־פיש אדער ים־נאדעל. ז. ***pipe-fish***.

tan'glefoot *n.* (טענ'גל-פוט) שנאפס, בראנפען.

tan'glement *n.* (טענ'גל-מענט) די פערוויקלונג, די פערפלאנטערונג.

tan'glesome *a.* (טענ'גל-סאם) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'glingly *adv.* (טענ'-גלינג-לי) אויף א פערוויקעלטען, פערפלאנטערטען שטייגער.

tan'gly *a.* (טענ'-גלי) פערוויקעלט, פערפלאנטערט; בעדעקט מיט ים־גראז.

tan'go *n. and v.* (טענ'-גאו) טאנגא [אזא טאנץ]; טאנצען א טאנגא.

tan'gram *n.* (טענ'-גרעם) א קאפ־ברעכערישע פראבלעם, וואס בעשטעהט פון א קוואדראטען ברעטעל, וואס איז צושניטען אויף זיבען פערשיעדענארטיגע שטיקלעך. פון דיעזע שטיקלעך דארף מען צוזאמענשטעלען א קוואדראט אדער אנדערע פיגורען.

tan'gum *n.* (טענ'-גאם) דער טאנגום, א מין ווילדעס פערד פון טיבעט און אנדערע טיילען פון אזיען.

tang'y *a.* (טענג'-אי) וואס האט בעקומען אן אונאנגענעהמען גערוך, קלאנג אדער טעם.

tan'-house *n.* (טענ'-האוס) א געביידע וואו מען האלט קארע פאר גארבעריי.

tan'ist *n.* (טענ'-איסט) דער גרונד־אייגענטימער, דער גוטס־בעזיצער, דער פעאדאל [ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען]. ז. ***tanistry***.

tan'istry *n.* (טענ'-איס-טרי) א פארם פון גוטס־בעזיץ ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען, וואו דאס לאנד מיט די טיטולען האבען בעלאנגט צו א געוויסען הערר נור פאר דער צייט פון זיין לעבען, און נאך זיין טויט פלעגט דאס אריבער צו אן אנדערען, וועמען מען פלעגט ערוועהלען.

tan'jib *n.* (טענ'-דזשיב) אן ארט אסט־אינדישער מוסלין [אזא דינעם צייג].

tank *n. and v.* (טענק) א וואסער־ציסטערנע, א וואסער־בעהאלטער, א רעזערוואואר; א צעבער; א בעקען; גיסען וואסער אין צעבער; אבטוקען אדער באדען אין א צעבער וואסער.

Tank

Tan'ka *n.* (טענ'-קא) די טאנקאס, א טייל פון דער בעפעלקערונג פון דרום־כינא, וועלכע לעבען אין שיפען אויף'ן וואסער, ווייל זיי איז ניט געוועזען ערלויבט צו בעזעצען זיך אויף דער יבשה.

tan'ka-boat *n.* (טענ'-קא-באוט) א מין שיף, אין וועלכער די טאנקאס וואהנען. ז. ***Tanka***.

tank'age *n.* (טענק'-עדזש) דאס אריינגיסען אדער דאס האלטען א פליסיגקייט אין א בעקען אדער צעבער; דער פרייז פאר האלטען א פליסיגקייט אין א באסיין אדער צעבער; דאס וואס א בעקען אדער צעבער קען איינהאלטען; דער אבזאץ פון פעטס.

tan'kard *n.* (טענ'-קארד) א קרוג מיט א דעקעל, א טרינק־קאן.

tank'-car *n.* (טענק'-קאר) א ציסטערנע־וואגאן [אזא וואגאן מיט א ציסטערנע צו פיהרען נאפט אדער אויל].

tank'-en'gine *n.* (טענק'-ענ'-דזשין) א טענדער־לאקאמאטיוו [א לאקאמאטיוו וואס פיהרט אליין זיין וואסער און קויהלען און דארף ניט האבען קיין ספעציעלען וואגאן פאר דעם].

Tan'kia *n.* (טענ'-קיא) ז. ***Tanka***.

tan'kia-boat *n.* (טענ'-קיא-באוט) ז. ***tanka-boat***.

tank'-i'ron *n.* (טענק'-אי'-ערן) אזא דיקעס בלעך.

tank'-lo'comotive *n.* (טענק'-לאו'-קא-מאו-טיוו) ז. ***tank-engine***.

tank'-ves'sel *n.* (טענק'-וועס'-על) א שיף מיט א ציסטערנע צו פיהרען פליסיגקייטען.

tan'ling *n.* (טענ'-לינג) א מענש וואס איז פערברענט פון דער זון.

tan'-mill *n.* (טענ'-מיל) א מאשין צו האקען קארע פאר גארבעריי.

tan'nage *n.* (טענ'-עדזש) דאס גארבען;

דער פּראָצעס פון פערהאַרטעוועז די שטאַ־
פען, פון וועלכע מען פּראָדוצירט נאַכגע־
מאַכטען מאַראָקאָ; דאָס ברוין ווערען
[פון דער הויט]; דאָס אָבגעברענט ווע־
רען פון דער זון.

tan'nate *n.* (טעני־אייט) דאָס גאַרב־זויי־
ערע זאַלץ [אַ כעמישער שטאָף צו גאַרבען
פעל].

tan'ner *n.* (טעני־ער) אַ גאַרבער; אַ
סיקספּענס [אַן ענגלישע מטבע פון זעקס
פּענים].

tan'nery *n.* (טעני־ער־אי) אַ גאַרבעריי;
דאָס גאַרבען.

tan'nic *a.* (טעני־איק) וואָס איז שייך
צו גאַרבער־קאָרע; וואָס בעקומט זיך פון
גאַרבער־קאָרע [די קאָרע פון אַ בוים, וואָס
ווערט בענוצט אין גאַרבעריי].

tan'nic ac'id (טעני־איק עס'־איד)
גאַרב־שטאָף, גאַרב־זויערע, טאַנין [אַזאַ
שטאַרקער כעמישער שטאָף, ווערט גע־
ברויכט אין פאַרבונג, גאַרבונג און אין מע־
דיצין].

tannif'erous *a.* (טע־ניפ'־ע־ראַס) וואָס
ענטהאַלט אָדער וואָס גיט אַרויס גאַרב־
זויערע אָדער טאַנין. ז. ***tannic acid***

tan'nikin *n.* (טעני־אי־קין) אַ מיידעל;
אַ יונגע פרוי.

tan'nin *n.* (טעני־אין) דער טאַניז, דער
גאַרב־שטאָף. ז. ***tannic acid***

tan'ning *n.* (טעני־אינג) דאָס גאַרבען;
אַ ברוינער קאָליר פון דער הויט [פון
אָבגעברענט ווערען אויף דער זון]; דאָס
פערהאַרטעוועז די שטאַפען, פון וועלכע
מען מאַכט נאַכגעמאַכטען מאַראָקאָ; דאָס
שמייסען.

tan'-ooze *n.* (טעני־אוזע) דאָס וואַסער,
וואָס האָט זיך אָנגעצויגען פון גאַרבער־
קאָרע, וועלכע האָט זיך געווייקט אין איהם.

tan'-pick'le *n.* (טעני־פּיק'ל)
ז. ***tan-ooze***

tan'-pit *n.* (טעני־פּיט) אַ גאַרבער־גרוב
[אַ גרוב אין וועלכען עס ווערט אָריינגע־
לעגט פעל צום גאַרבען].

tan'-stove *n.* (טעני־סטאָוו) אַ טרייב־
הויז, אַ אָראַנזשעריי מיט בייטען אויס־
געבעט מיט גאַרבער־קאָרע צו לאָזען וואַק־
סען פלאַנצען אום ווינטער.

tan'sy *n.* (טעני־זי) [אַ מין ווערים־קרויט
ביטער־קרויט מיט געלע בליטהען].

Tansy

tantal'ic *a.* (טען־טעל'־איק) וואָס איז
שייך צו טאַנטאַלום [אַזאַ מינעראַל].
ז. ***tantalum***

tan'talism *n.* (טעני־טע־ליזם) טאַנטאַ־
ליזם, טאַנטאַל'ס יסורים, די יסורים פון
צוקומען נאָהענט צו אַ שטאַרק־געווינשטען,
אָבער אונדערגרייכבאַרען פערלאַנג.
ז. ***tantalization***

tan'talite *n.* (טעני־טע־לאַיט) דער טאַנ־
טאַליט [אַ זעלטענער זעהר שווערער מע־
טאַל].

tanta'lium *n.* (טען־טיי'־לי־אַם)
ז. ***tantalum***

tantaliza'tion *n.* (טען־טע־לי־זיי'־
שאַן) דאָס ליידען אָדער דאָס מאַכען ליי־
דען טאַנטאַל'ס יסורים, די יסורים פון זיין
נאָהענט נעבען אַ געווינשטען ציעל, אָבער
קיינמאָל ניט דערגרייכען איהם [די לע־
גענדען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע
דערצעהלען, אַז איינער טאַנטאַל האָט
אַמאָל אַרויסגעגעבען די סודות פון די גע־
טער, און דערפאַר האָבען די געטער איהם
בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען האָט
איהם אַריינגעזעצט אין אַ טייך פון קלאָרען
פרישען וואַסער, וואָס איז איהם דערגאַנ־
גען ביז'ן מויל. איבער זיין קאָפּ זיינען
אַראָבגעהאַנגען זעהר גוטע און געשמאַקע
פרוכטען. נאָר ווען טאַנטאַל פלעגט עפענען
דאָס מויל צו כאַפּען אַ פרוכט אָדער אַ
זופּ צו טהאָן וואַסער, פלעגען די פרוכטען
פון אויבען און דאָס וואַסער פון אונטען
אָבשפּרינגען צוריק און אויף אַזאַ אופן
האָט ער קיינמאָל ניט געקענט שטילען
זיין שרעקליכען הונגער און דורשט].

tan'talize *v.* (טעני־טע־לאַיז) מאַכען
ליידען טאַנטאַל'ס יסורים, צופיהרען נאָ־
הענט צו אַ געווינשטען ציעל, אָבער ניט
דערלאָזען צו דערגרייכען איהם.
ז. ***tantalization***

tan'talizer *n.* (טעני־טע־לאַי־זער) איי־
נער אָדער עפּעס וואָס מאַכט פיהלען טאַנ־
טאַל'ס יסורים. ז. ***tantalization***

tan'talizingly *adv.* (טעני־טע־לאַי־זינג־
לי) מאַכענדיג פיהלען טאַנטאַל'ס יסורים.
ז. ***tantalization***

tan'talum *n* (טעני־טע־לאַם) טאַנטאַ־
לום, זעהר אַ זעלטענער מעטאַל, וואָס גע־
פינט זיך אין די זעלטענע מינעראַלען
טאַנטאַליט און קאָלומביט.

Tan'talus cup (טעני־טע־לאַס קאַפּ)
אַזאַ שפּיעלצייג, וואָס בעשטעהט פון אַ
שיסעלע מיט אַ פיגור פון אַ מענשעלע
אינוועניג. אין דעם מענשעלע איז פער־
באָרגען אַ מין סיפאָן, וועלכער נעהמט אין
זיך איין וואַסער. ווען מען גיסט אין שי־
סעלע וואַסער, דערגעהט דאָס וואַסער אי־
מער ניט העכער ווי ביז'ן מויל פון דעם
מענשעלע.

tan'tamount *a.* (טעני־טע־מאַונט)
עקוויוואַלענט, גלייך, דאָס זעלבינע ווי...

tantar'a *n.* (טען־טער'־אַ) דאָס שאַלען
פון אַ טרומייט.

tantiv'y *a., adv., n. and v.* (טען־טיוו'־
אי) זעהר שנעל; אייַלענדיג; מיט שנעל־
קייט, מיט געשווינדקייט; אַ שנעלע בע־
וועגונג, אַ האַסטיגע לויפעריי, אַ גאַלאָפּ;
אַ יעגער־אויסגעשריי צו לויפען געשווינד;
אייַלען, האַסטיג לויפען.

tan'to *adv.* (טעני־טאָ) אין מוזיק — טאַנ־
טאָ, צו פיעל, צו האַסטיג.

tan'tra *n.* (טעני־טראַ) די טאַנטראַ, אַ
טייל פון די סאַנסקריטישע רעליגיעזע
שריפטען וואָס איז פול מיט מיסטישע און
מאַגישע פאָרשריפטען.

tan'trem *n.* (טעני־טרעם) ז. ***tantrum***

tan'trism *n.* (טעני־טריזם) טאַנטריזם,
די לעהרען אָדער די פאָרשריפטען פון דער
טאַנטראַ. ז. ***tantra***

tan'trum *n.* (טעני־טראַם) אַ שלעכטע,
אויפגערעגטע שטימונג; אויפרעגונג, צאָרן.

tan'-turf *n.* (טעני־טיירף)
ז. ***tan-balls***

tan'-vat *n.* (טעני־וועט) אַ גרויס פאַס
וואו מען ווייקט פעל צום גאַרבען.

tan'zib *n.* (טעני־זיב) ז. ***tanjib***

tan'zimat *n.* (טעני־זי־מעט) דער טאַנ־
זימאַט [די קאָנסטיטוציאָן פון טערקישען
סולטאַן אַבדול מעדזשיד, וועלכע ער האָט
אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1839].

Ta'oism *n.* (טאַ'־אָ־איזם) טאַאָאיזם,
איינע פון די דריי רעליגיאָנען, וואָס הער־
שען אין כינאַ [טאַאָאיזם איז געגרינדעט
פון דעם כינעזישען פילאָזאָף לאַאָ־טזע,
וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט
קאָנפוציוס. לאַאָ־טזע האָט געלערענט, אַז
די גאַנצע וועלט ווערט בעהערשט פון דער
העכסטער פערנונפט "טאַאָ", און דער ציעל
פון מענשליכען לעבען אין בעשטעהט אין דער
שטרעבונג צו "טאַאָ"].

Ta'oist *n.* (טאַ'־אָ־איסט) אַ טאַאָאיסט,
אַן אָנהענגער פון טאַאָאיזם. ז. ***Taoism***

ta'o-tai' *n.* (טאַ'־אָ־טאַי') אַ כינעזישער
גובערנאַטאָר.

tap *n. and v.* (טעפּ) אַ הילצערנער צאַ־
פען אָדער קראַן פון אַ פאַס; שנאַפּס אָדער
ליקער וואָס ווערט אַרויסגעלאָזען פון פאַס
דורך'ן צאַפּען; אַן אינסטרומענט אויסצוי־
שניידען דעם גווינט פון אַ שרויף־מוטער
[מוטערקע]; אַ לייכטער קלאַפּ [ווי מיט
די פינגער אָדער מיט אַ קליינער זאַך];
אין מיליטער — אַ סיגנאַל דורך דער
פויק אָדער טרומייט, ביי וועלכען אַלע
לאַמפּען אין די קאַזאַרמעס אָדער פּלאַטאַ־
קעס דאַרפען אויסגעלאָשען ווערען; אַ
שטיקעל לעדער וואָס ווערט אַרויפגעשלאָ־
גען אויף דער זויל פון אַ שוך ביים פער־
ריכטען איהם; אַ שענק, וואו מען פער־
קויפט שנאַפּס פון פאַס; די אייזען־אַש
וואָס בעקומט זיך פון גליהען אייזען;
אַרויסלאָזען ליקער פון אַ פאַס דורך'ן צאַ־
פען; דורכלעכערען אַ פאַס, כדי אַרויסצוי־
לאָזען דעם ליקער; מאַכען אַן איינשניט
אין אַ בוים, כדי אַרויסצולאָזען דעם זאַפט;
אַריינשניידען, אַריינדרינגען; אָבצאַפּען,
אַנצאַפּען; לייכט אַנקלאַפּען [ווי מיט די
פינגער]; פּיקען מיט'ן שנאָבעל.

ta'pa *n.* (טאַ'־פּאַ) אַ מין צייג פון קאָרע,
וואָס ווערט פיעל געברויכט ביי די איינ־
וואָהנער פון די אינזלען פון פּאַסיפישען
אָקעאַן.

tapade'ra *n.* (טעפּ־ע־דיי'־ראַ) אַזאַ
האַרטער לעדער וואָס בעדעקט דעם שטייג־
בינעל פון אַ זאַטעל [ז. ***stirrup***] און
דערלאָזט ניט דעם פוס אַרויסצורוקען זיך
פאָרווערטס.

tap'-bar *n.* (טעפּ'־באַר) ז. ***tap-hole***

tap'-bor'er *n.* (טעפּ'־באָר'־ער) אַן ענ־
בער אויסצובויערען אַ צאַפּען־לאָך.



Tap-borer

tap'-cin'der *n.* (טעפּ'־סינ'־דער) איי־
זען־אַש, וואָס בעקומט זיך פון גליהען איי־
זען.

tape *n. and v.* (טייפּ) אַ טאַשמע, אַ
לענטע, אַ שמאָלער באַנד; אין טעלעגראַ־
פיע — אַ שמאָלער שטרייף פּאַפּיער, אויף

וועלכען עס דרוקען זיך אב די טעלעגראפישע צייכענס; א באנד=מאס [א מאס, ווי א מעטער אדער יארד, וואס בעשטעהט פון א לאנגען, שמאלען באנד מיט שטריכען און ציפערען, וועלכע בעצייכנען די סאנטימעטרען אדער צאלען]; א לאנגע מעטאלענע לענטע; דער באנד=ווארים [ז. *tapeworm*]; שטארקע משקה, שנאפס; אננעהען טאשמעס; פערבינדען מיט א טאשמע; אויסציהען ווי א באנד.

tape'-line *n.* (טייפ'-לאין) א באנד=מאס [א לענג=מאס פון א שמאלען באנד, וואס דרעהט זיך אן אויף א ראלע].

tape'-meas'ure *n.* (טייפ'-מעזש'-אור) א באנד=מאס [ווי ביי שניידער].

ta'per *n., a. and v.* (טיי'-פער) די שטופענווייזע פערקלענערונג פון דער דיק אדער פון דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס]; א ליכט וואס ענדיגט זיך עטוואס שפיציג [ווי געצויגענע חלב=ליכט]; א דין ליכטעל; שפיציגליך, פיראמידיש, קאניש [וואס ווערט ביסלעכווייז אלץ קלענער אין דיאמעטער]; פערקלענערט, פערמינדערט; ווערען ביסלעכווייז קלענער אין דיאמעטער, זיך ביסלעכווייז ענדיגען מיט א שפיץ, ווערען קאניש אדער פיראמידיש; זיך פערקלענערען, זיך פערמינדערען; מאכען שטופענווייז שפיציגליך, פערקלענערען ביסלעכווייז דעם דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס].

ta'pering *a.* (טיי'-פער-אינג) וואס דער דיאמעטער ווערט ביסלעכווייז קלענער [ווי ביי א קאנוס], וואס ווערט אלץ דינער צום ענד.

ta'peringly *adv.* (טיי'-פער-אינג-לי) ווערענדיג אלץ דינער צום ענד [ווי א קאנוס].

ta'perness *n.* (טיי'-פער-נעס) קאנוסארטיגקייט. ז. *taper*

ta'per off (טיי'-פער אף) ווערען אלץ דינער און דינער; ביסלעכווייז אויפהערען.

ta'per-poin'ted *a.* (טיי'-פער-פאינ'-טעד) שפיציג, פערשפיצט [וועגען פלאנצען און פלאנצען=טיילען].

ta'per-stand *n.* (טיי'-פער-סטענד) אזא לייכטער, אויף וועלכען די ליכט ווערען ארויפגעשטאכען.

ta'perwise *adv.* (טיי'-פער-הוואיז) ז. *taperingly*

tap'estried *a.* (טעפ'-עס-טריד) געוועבט אדער געהאפט אין דער פארם פון טעפיך=טאפעטען. ז. *tapestry*

tap'estry *n. and v.* (טעפ'-עס-טרי) טעפיך=טאפעטען [אזא צייג מיט אויסגענעהטע אוזארען, מיט וועלכע מען בעהענגט די ווענד פון א זאל אדער מען בעשלאגט טייערע מעבעל]; בעציערען מיט טעפיך=טאפעטען.

tap'estry car'pet (טעפ'-עס-טרי קאר'-פעט) אן ארט טעפיך אדער קאוויאר, אויף וועלכען די אוזארען זיינען ניט געוועבט נאר אויסגעהאפט.

tap'estry-pain'ting *n.* (טעפ'-עס-טרי-פיינ'-טינג) געדרוקטע וועבשטאף אלס נאכאהמונג פון טעפיך=טאפעטען. ז. *tapestry*

tap'eti *n.* (טעפ'-ע-טי) דער בראזיליאנער האז [א קליינער האז פון דרום=אמעריקא, וואס איז עהנליך צום צפון=אמעריקאנישען קראליק].

tape'-work *n.* (טייפ'-הוואירק) ארנאמענטען געמאכט פון געפלאכטענע טאשמעס.

tape'worm *n.* (טייפ'-הוואירם) דער באנד=ווארים אדער סאליטער, א לאנגער פאראזיטישער ווארים, וואס געפינט זיך אפט אין די געדערים ביי מענשען און טהיערע [די איל. בעווייזט דעם קאפ און א טייל פון א סאליטער ווי מען זעהט איהם דורך א פערגרעסערונגס=גלאז].



Tapeworm

tap'-hole *n.* (טעפ'-האול) אן אבפלוס=לאך, דאס לאך אין א שמעלץ=אויווען ארויסצולאזען צושמאלצענעם מעטאל, איבערגעברענטע מעטאל=אש א. ד. ג.

tap'-house *n.* (טעפ'-האוס) א שענק.

tapio'ca *n.* (טעפ-אי-או'-קא) טאפיאקא [אזא מעהל=שפייז אין דער פארם פון רונדע גרויסע גריץ וואס בעקומט זיך פון די ווארצלען פון דער מאניאקא אדער קאסאווא=פלאנצע].

ta'pir *n.* (טיי'-פויר) דער טאפיר [א מין זויג=טהיער מיט קורצע דיקע פיס און מיט א קורצען ווייכען שנויץ].


Tapir

tap'iroid *a. and n.* (טעפ'-אי-ראיד) וואס איז שייך צו די טאפירען; א טאפיר=עהנליכעס זויג=טהיער. ז. *tapir*

tap'is *n.* (טעפ'-אים) וואלענע צייג וואס ווערט בענוצט פאר טאפעטען און טעפיכען; דאס טישטוך אויף א טיש ביי אן אפיציעלער זיצונג.

tap'lash *n.* (טעפ'-לעש) אויסגעוועפטעס ביער אדער ליקער וואס טריפט ארוים פון צאפען פון פאס.

tap'net *n.* (טעפ'-נעט) אזא קארב, אין וועלכען פייגען ווערען געפאקט צום עקספארטירען.

tapote'ment *n.* (טע-פאט'-מענט) אין מעדיצין — דאס קלאפען אדער אויסקלאפען דעם קערפער [ביים מאכען מאסאזש].

tap'per *n.* (טעפ'-ער) איינער אדער עפעס וואס קלאפט לייכט; א האלץ=פיקער [אזא פויגעל]; א טעלעגראף=שליסעל, וואס קלאפט אוים די טעלעגראף=צייכענס.

tap'ping *n.* (טעפ'-אינג) דער שטאך, דאס דורכשטעכען [די דורכשטעכונג פון א לאך אין א פאס, אין א רעהר א. ד. ג. ארויסצולאזען וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען]; אין כירורגיע — דאס ארויסלאזען אנגעקליבענע פליסיגקייט פון קערפער; דאס לייכט אנקלאפען; א לייכטע אדער זאנפטע קלאפעריי; אין מעטאל=גיסעריי— דאס לייכט פאנאנדערשאקלען דעם מאדעל אום ארויסצונעהמען איהם פון דעם זאמד, אין וועלכען מען גיסט דאס צושמאלצענע מעטאל.

tap'-plate *n.* (טעפ'-פלייט) א שטאהל=פלאטע מיט לעכלעך, אין וועלכע עס ווערען אויסגעשניטען די גווינטען פון א שרויף.

tap'-room *n.* (טעפ'-רוהם) א טרינק=שטוב, א שענק.

tap'-root *n.* (טעפ'-רוהט) דער הויפט ווארצעל פון א פלאנצע.

tap'ster *n.* (טעפ'-סטער) א יונג אדער א קעלנער אין א שענק.

tapu' *n., a. and v.* (טע-פוה') ז. *taboo*

tap'-wai'ter *n.* (טעפ'-הווי'-טער) דער קעלנער פון א שנעק.

ta'qua-nut *n.* (טע'-קהווא-נאט) ז. *ivory-nut*

tar *n. and v.* (טאר) טער, סמאלע, דזשעגאכץ, פעך; שיף=דזשעגאכץ; א מאטראז; אויספעכען; בעשמירען מיט דזשעגאכץ.

tar and feath'er (טאר ענד פעטה'-ער) בעגיסען איינעם מיט הייסע פעך, טער אדער דזשעגאכץ און בעקלעפען איהם מיט פעדערען [א פארצייטיגע שטראף].

taran'dus *n.* (טע-רענ'-דאס) דאס רענטהיער. ז. *reindeer*

tarantass' *n.* (טער-ענ-טעס') א טאראנטאס [אזא רוסישע קארעט].

tarantel'la *n.* (טער-ענ-טעל'-א) די טאראנטעלא [אזא נעאפאליטאנישער טאנץ מיט לייכטע און שנעלע בעוועגונגען].

tarantelle' *n.* (טער-ענ-טעל') ז. *tarantella*

tar'antism *n.* (טער'-ענ-טיזם) דער טאראנטיזם, די טאנץ=מאניע [אזא משוגעת].

tarantis'mus *n.* (טער-ענ-טיס'-מאס) ז. *tarantism*

taran'tula *a.* (טע-רענ'-טשו-לא) די טאראנטולא, א מין גיפטיגע שפין וואס לעבט צווישען שטיינער, אין לעכער און שפאלטען [די טאראנטולא מאכט ניט קיין שפינוועב].


Tarantula

taran'tular *a.* (טע-רענ'-טשו-לאר) וואס איז שייך צו א טאראנטולא. ז. *tarantula*

taran'tulated *a.* (טע-רענ'-טשו-ליי-טעד) געביסען פון א טאראנטולא [ז. *tarantula*]; וואס ליידעט פון טאראנטיזם [ז. *tarantism*].

tar'apatch *n.* (טער'-ע-פעטש) אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, וואס ווערט געברויכט אויף די סאנדוויטש=אינזלען.

tarax'acin *n.* (טע-רעק'-סע-סין) טאראקסאסין, אזא ביטערער שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פוטער=בלום [ז. *dandelion*].

tarax'is *n.* (טע-רעק'-סים) א לייכטע ענטצינדונג פון דעם אויג.

tarboosh' *n.* (טאר-בוהש') דער טארבוש, די טערקישע פעסקע [א מין רויטע יארמולקע מיט א שווארצען פראנזש פון מיטען. ווערט געטראגען כמעט פון אלע מוסולמאנישע פעלקער].

tar'-box *n.* (טאר'-באקס) אזא קעסטעלע מיט דזשעגאכץ אדער טער וואס פאסטוכער טראגען צו בעשמירען די וואונדען און געשווירען פון שעפסען.

tar'-brush *n.* (טאר'-בראש) א טערבערשטעל אדער דזשעגאכץ=פענזיל.

tardan'do *a.* (טאר-דענ'-דא) ז. *ritardando*

tarda'tion *n.* (טאר-דיי'-שאן) די פערשפעטיגונג, די פערציהונג.

Tardig'rada *n.* (טאר-דיג'-ריי-דא) אן אבטיילונג פון די אהן=צייהניגע זויג=טהיע=

רע, צו וועלכע עס געהערט אויך דאס פויל־טהיער.

tar'digrade *a. and n.* (טאר׳־די־גרייד) פון די לאנגזאם־געהענדע [וועגען געוויסע מינים זויג־טהיערע]; א לאנגזאם־געהענדעם זויג־טהיער.

tar'dily *adv.* (טאר׳־די־לי) אויף א לאנגזאמען, פערשפעטיגענדען שטייגער; מיט ווידערוויללען, אונוויליג; צו שפעט.

tar'diness *n.* (טאר׳־די־נעס) לאנגזאמקייט; פערשפעטיגונג; ווידערוויללען, ניט־גערנקייט, פוילקייט.

tar'do *a.* (טאר׳־דא) אין מוזיק — לאנגזאם.

tar'do *n.* (טאר׳־דאו) א פויל־טהיער. ז. *sloth*.

tar'dy *a.* (טאר׳־די) לאנגזאם, פויל; שפעט; אונוויליג.

tar'dy-gai'ted *a.* (טאר׳־די־גיי׳־טעד) וואס געהט לאנגזאם; וואס ריהרט זיך שווער; אונגעלומפערט.

tar'dy-ri'sing *a.* (טאר׳־די־ראי׳־זינג) וואס וואקסט לאנגזאם.

tare *n. and v.* (טעהר) — אין קאמערץ די טארא, דאס געוויכט פון דער פערפאקונג פון א סחורה [ווי דער קאסטען, די ראגאושע, דאס פאפיער א. ד. ג.] אהן דער סחורה גופא; אין כעמיע — א פוסטע כלי, וואס איז עהנליך צו דער כלי, אין וועלכער עס קומט פאר א כעמישער פראצעס, און דיענט צו פערבייטען איהר, ווען עס קומט פאר אן ענדערונג אין איהר געוויכט; אין באטאניק — די פוטער־וויקע [א מין לינזען־גראז מיט בלויליכע בליהונגען]; אראברעכענען דאס טארא־געוויכט [דאס געוויכט פון דער פערפאקונג].

tarentel'la *n.* (טער־ען־טעל׳־א) ז. *tarantella*.

tar'entism *n.* (טער־ען־טיזם) ז. *tarantism*.

taren'tula *n.* (טע־רענ׳־טשו־לא) ז *tarantula*

targe *n. and v.* (טארדזש) א שילד, א האנד־פאנציר; האלטען אונטער א שטרענגער דיסציפלין; שטרענג עקזאמענירען, שטרענג אויספרעגען; אויסזידלען, אנשרייען.

targe'man *n.* (טארדזש׳־מען) איינער וואס טראגט א שילד אדער האנד־פאנציר.

tar'get *n.* (טאר׳־געט) א שיס־ציעל, א שיס־ברעט; א ציעל־ברעט; עפעס, צו וואס א ציעל איז געריכטעט; אויף אן אייזענבאהן — די ראהם אדער דער האלטער פון א סיגנאל־צייכען; א שילד.

tar'geted *a.* (טאר׳־געט־עד) בעוואפענט מיט א שילד; געפאנצערט.

targeteer' *n.* (טאר־גע־טיער׳) א שילד־טרעגער; א לייכט בעוואפענטער גריכישער אדער רוימישער סאלדאט.

tar'get-fir'ing *n.* (טאר׳־געט־פאיר׳־אינג) דאס שיסען אין א ציעל־ברעט.

Tar'gum *n.* (טאר׳־גאם) דער תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

Tar'gumist *n.* (טאר׳־גאמ־איסט) א תרגומיסט, א קענער פון תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

tar'iff *n. and v.* (טער׳־איף) א טאריף, א רייסטער פון סחורות מיט די שטייערען וואס דארפען אויף זיי געצאהלט ווערען ביים ארייגפיהרען אדער ארויספיהרען פון לאנד; די צאהלונגען אדער שטייערען וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף געוויסע סחורות לויט א געוויסער ליסטע אדער טאבעלע; א פרייז־ליסטע [ווי פון טעלעגראף א. ז. וו.]; דאס געזעץ וואס רעגולירט די צאהלונגען אויף ארייגעפיהרטע סחורות; מאכען א טאריף אדער א ליסטע פון צאהלונגען אויף ארייגעפיהרטע סחורות; בעשטימען דעם ווערטה פון עפעס.

tar'in *n.* (טער׳־אין) ז. *siskin*.

tar'latan *n.* (טאר׳־לע־טען) זעהר א דינער מוסלין [אזא צייג].

tar'nal *a. and adv.* (טאר׳־נעל) פערדאמט; צום טייוועל.

tarna'tion *a. and adv.* (טאר־ניי׳־שאן) ז. *tarnal*.

tar'nish *v. and n.* (טאר׳־ניש) אראבנעהמען דעם גלאנץ; מאכען מאט; מאכען מוטנע אדער טריב; בעשמוצען, בעפלעקען; פערלירען דעם גלאנץ; ווערען מוטנע אדער טריב; א פלעק; דאס פערלירען דעם גלאנץ.

tar'nishable *a.* (טאר׳־ניש־עבל) וואס קען פערלירען דעם גלאנץ.

tar'nisher *n.* (טאר׳־ניש־ער) איינער אדער עטוואס וואס נעהמט אראב דעם גלאנץ, מאכט מוטנע אדער טריב.

ta'ro *n.* (טא׳־ראו) טארא [אזא שפייז־פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די ווארימע געגענדען].

tar'oc *n.* (טער׳־אק) ז. *tarot*.

tar'-oil *n.* (טאר׳־איל) [אזא טער־אויל וואס ווערט ערהאלטען פון דיסטילירען טער אדער דזשעגאכץ].

tar'ot *n.* (טער׳־אט) איינער פון די שפיעל־קארטען וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין איטאליען [א טעשעל פון אזעלכע קארטען איז בעשטאנען פון 78 שטיק]; א שפיעל מיט אזעלכע קארטען.

tar'pan *n.* (טאר׳־פען) אזא קליינעס ווילדעס פערד.

tarpau'lin *n.* (טאר־פאה׳־לין) זעגעל־טוך וואס איז אנגעשמירט מיט טער [סמאלע] אז קיין וואסער זאל ניט קענען דורכגעהן; צייג וואס איז געמאכט, אז עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער; א מאטראזען־היטעל וואס איז געמאכט פון צייג וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער; א מאטראז.

tarpau'ling *n.* (טאר־פאה׳־לינג) ז. *tarpaulin*.

tarpaw'ling *n.* (טאר־פאה׳־לינג) ז. *tarpaulin*.

tar'pon *n.* (טאר׳־פאן) אזא גרויסער עסבארער ים־פיש, וועלכער האט די עהנליכקייט צו א הערינג [זיינע שופען זיינען זעהר גרויסע און פון א זילבער־ווייסען קאליר, און ווערען בענוצט פאר פערציערונגען].

Tarpon

tar'ragon *n.* (טער׳־ע־גאן) עסטראגאן אדער דראגאן [אזא אראמאטישע פלאנצע].

tarred pa'per (טארד פיי׳־פער) טער־פאפיער [אזא דיקעס פאפיער וואס איז בעשמירט מיט טער אדער סמאלע און ווערט בענוצט צום דעקען דעכער].

tar'riance *n.* (טער׳־אי־ענס) א פערווײלונג, א פערזאמונג; אן אבלעגונג.

tar'rier *n.* (טער׳־אי־ער) איינער וואס פערזאמט אדער לעגט אב.

tar'rock *n.* (טער׳־אק) א ים־שוואלב; א ווינטער־מעווע, א יונגע דריי־פינגערדיגע מעווע אדער טשאיקע [אזא ים־פויגעל].

tar'ry *a.* (טאר׳־אי) וואס בעשטעהט פון טער; בעשמיערט מיט טער.

tar'ry *v.* (טער׳־אי) פערזאמען, פערווײלען; בלייבען; ווארטען; אבלעגען, פערציהען.

tar'rying *n.* (טער׳־אי־אינג) דאס פערווײלען; דאס ווארטען; דאס אבלעגען, דאס פערציהען.

tar'sal *a. and n.* (טאר׳־סעל) וואס איז שייך צו דעם פוס־ווארצעל [דער ענד פון פוס וואו עס קומען ארויס די פינגער]; דער פוס־ווארצעל ביין.

tar'sal joint (טאר׳־סעל דזשאינט) דער פוס־ווארצעל־געלענק, דער פוס־קנעכעל־געלענק.

tar'sia *n.* (טער׳־סי־א) טארסיא, אזא מאזאאיק פון קליינע קאלירטע שטיקלעך האלץ.

tarsiatu'ra *n.* (טער־סי־ע־טוה׳־רא) ז. *tarsia*.

tar'sier *n.* (טאר׳־סי־ער) א טארסיער, די לאנג־פיסיגע אפע [אזא אפען־עהנליכע חיה מיט לאנגע הינטערשטע פיס].

Tarsier

tarsor'rhaphy *n.* (טאר־סאר׳־ע־פי) אן אפעראציאן צו פערקלענערען די עפנונג פון די אויגען־לעדלעך.

tar'sus *n.* (טאר׳־סאס) דער פוס־ווארצעל [דער ענד פון פוס פון וואנען עס קומען ארויס די פינגער]; די דינע שיכט פון כראמשקע [קנארפעל] ביי דעם ראנד פון די אויגען־לעדלעך.

tart *a. and n.* (טארט) 1. זויער, שארף [אין טעם]; 2. שניידענד, בייסענד, בייז; 3. א טארט.

2. To my courteous inquiry he made a tart reply.

tar'tan *n. and a.* (טאר׳־טען) טארטאן, א מין שאטישעס געשטרייפטעס און געקעסטעלטעס געוואנד אין פערשיעדענע פארבען; דער מוסטער פון טארטאן; אזא איינמאסטיגע האנדעלס־שיף; געשטרייפט און געקעסטעלט אין פערשיעדענע פארבען ווי טארטאן.

tar'tar *n. and v.* (טאר׳־טאר) ווינשטיין [אזא שטאף וואס זעצט זיך אב אויף די ווענד און דעקען פון וויין־פעסער]; אזא שטיין־ארטיגער שטאף פון גרינליכע קאליר וואס זעצט זיך אב אויף די ציינער; אנזעטיגען מיט ווינשטיין.

Tar'tar *n. and a.* (טאר׳־טאר) דער טארטארוס, דער גיהנם, די העל; א טאטער; א בארבאר; טאטעריש.

tar'tarated *a.* (טאַר'־טע־ריי־טעד) פערבונדען מיט ווײנשטײן. ז. *tartar*

Tarta'rean *a.* (טאַר־טיי'־רי־ען) פון טאַרטאַרוס, פון גיהנם; ווי דער גיהנם, ווי די העל.

tarta'reous *a.* (טאַר־טיי'־רי־אַס) וואָס ענטהאַלט אָדער בעשטעהט פון ווײנשטײן; ענהליך צו ווײנשטײן. ז. *tartar*

Tarta'reous *a.* (טאַר־טיי'־רי־אַס) ז. *Tartarean*

Tarta'rian *a. and n.* (טאַר־טיי'־רי־ען) ז. *Tatarian*

tartar'ic *a.* (טאַר־טער'־איק) ווײנשטײן־ ענהליך, ווײנשטײניג.

Tartar'ic *a.* (טאַר־טער'־איק) ז. *Tataric*

tartar'ic ac'id (טאַר־טער'־איק עס'־איד) ווײנשטײן־זויערע [אַזאַ זויערע, וואָס קריסטאַליזירט זיך אין ווײסע ראָמבּ־פערמיגע קריסטאַלען, וועלכע האָבען זעהר אַ זויערען טעם און ווערען שנעל פאַנאַנ־דערגעלאָזען אין וואַסער. ווײנשטײן־זויע־רע ווערט פיעל געברויכט אין פאַרבען און אויך אין מעדיצין].

tar'tarine *n.* (טאַר'־טע־רין) טאַרטאַרין, אַזאַ זאָרט טײערער כינעזישער אָדער אינ־דישער זייד.

tartariza'tion *n.* (טאַר־טע־רי־זיי'־שאַן) די בילדונג פון ווײנשטײן, אנזאַפונג מיט ווײנשטײן.

tar'tarize *v.* (טאַר'־טע־ראַיז) אנזאַפען מיט ווײנשטײן.

Tar'tarize *v.* (טאַר'־טע־ראַיז) ז. *Tatarize*

tar'tarous *a.* (טאַר'־טע־ראַס) ווײנשטײ־ניג, ווײנשטײן־ענהליך; וואָס ענטהאַלט ווײנשטײן, וואָס בעשטעהט פון ווײנשטײן.

Tar'tarous *a.* (טאַר'־טע־ראַס) טאַטע־ריש; באַרבאַריש.

Tar'tarus *n.* (טאַר'־טע־ראַס) דער טאַר־טאַרוס, דער גיהנם, די העל, די שאול תחתיה.

tart'let *n.* (טאַרט'־לעט) אַ טערטעל, אַ קליינער טאַרט.

tart'ly *adv.* (טאַרט'־לי) זויער, שאַרף [אין טעם]; בייסיג, שניידענד [אין שפּראַך].

tart'ness *n.* (טאַרט'־נעס) זויערקייט, שאַרפקייט [אין טעם]; בייסיגקייט, שנײ־דיגקייט [אין שפּראַך].

tar'trate *n.* (טאַר'־טרייט) ווײנשטײן־זויער־זאַלץ [אַ זאַלץ וואָס בעקומט זיך פון ווײנשטײן־זויערע. ז. *tartaric acid*].

Tartufe' *n.* (טאַר־טאַף') ז. *Tartuffe*

Tartuffe' *n.* (טאַר־טאַף') אַ טאַרטוף, אַ היפּאָקריט, אַ צבוע'ק.

Tartuf'fism *n.* (טאַר־טאַפ'־איזם) צבוע'סטווע, היפּאָקריטסטווע.

Tartuf'ism *n.* (טאַר־טאַפ'־איזם) ז. *Tartuffism*

tarve *n.* (טאַרוו) אַ קרימונג, אַ בויגונג.

tar'-wa'ter *n.* (טאַר'־הוואָה־טער) טער־וואַסער [אַזאַ פליסיגקייט פון וואַסער מיט געריינינגטען טער אָדער דזשעגאָכץ. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

tas'co *n.* (טעס'־קאָו) אַזאַ זאָרט לײם פון וועלכען מען מאַכט שמעלץ־טיגלען.

tash *n.* (טעש) אַזאַ זאָרט זײדען־צײג וואָס איז דורכגעוועבט מיט פיעלע זילבער און גאָלד־פעדים.

tasim'eter *n.* (טע־סים'־ע־טער) אַ טאַ־סימעטער [אַן אינסטרומענט צו מעסטען פּרעציי־זע קליינע ענדערונגען פון דרוק און די קליינע ענדערונג אין דער טעמפּעראַטור וואָס קומט דורך דעם פּאַר].

tasimet'ric *a.* (טעס־אי־מעט'־ריק) וואָס איז שייך צו די מעסטונגען פון דרוק; וואָס איז שייך צו אַ טאַסימעטער [ז. *tasimeter*].

task *n. and v.* (טעסק) אַן אויפגאַבע, אַ לעקציאָן; אַן אַרבייט; אַן אונטערנעה־מונג; אַ געשעפט; אַן אונטערנומענע אַר־בייט; אַ מיהזאַמע אַרבייט; געבען אַן אויפגאַבע; אַרויפלעגען אַ בעשטימטע אַר־בייט.

tas'ker *n.* (טעס'־קער) איינער וואָס גיט אויף אָדער לעגט אַרויף אַרבייט.

tas'king *n.* (טעס'־קינג) ז. *task-work*

task'master *n.* (טעסק'־מעס־טער) איי־נער וואָס גיט אויף אַרבייט; איינער וואָס גיט אויף אַ לעקציאָן; אַ ווערק־מייסטער, אַן אויפזעהער איבער אַרבייט.

task'mistress *n.* (טעסק'־מיס־טרעס) אַ פרוי וואָס גיט אויף אַרבייט; אַן אַר־בייטס־אויפזעהערין.

task'-work *n.* (טעסק'־הוואָירק) אויפגע־געבענע אַרבייט; שטיק־אַרבייט, אַקאָרד־אַרבייט.

Tasma'nian *a. and n.* (טעס־מיי'־ני־ען) וואָס איז שייך צום אינזעל טאַסמאַ־ניען [אין אויסטראַליען]; אַ טאַסמאַניער, אַ געבאָרענער אָדער אַן איינוואוינער פון טאַסמאַניען.

tass *n.* (טעס) אַ טרינק־בעכער, אַ טרינק־גלעזעל; אַ שנאַפּס, אַ שנעפּסעל.

tassa'go *n.* (טע־סאַ'־גאָ) אין דרום־אַמעריקאַ — אַ געריכט פון געטריקענטע פליייש.

tas'sel *n. and v.* (טעסל) אַ פראַנג, אַ פראַנז, אַ קוטאַס; עטוואָס וואָס איז ענהליך צו אַ פראַנז; אַ בלאַט־צייכען, אַ לעזע־צייכען [אַ בענדעל אָדער שנירעל, וואָס ווערט אַריינגעקלעפּט אין אַ בוך צום בענוצען אַלס צייכען צווישען די בלע־טער, וואו מען האָט זיך אָבגעשטעלט ביים לעזען]; בעפּוצען מיט פראַנגען אָדער פראַנזען; אַראָבנעהמען די פראַנגען־ענהליכע פעדים פון קוקורוזע אָדער מאַאיס אום עס זאָל בעסער וואַקסען; אַרויסלאָזען פון זיך פראַנגען־ענהליכע בליהונג.

tas'seled *a.* (טעסלד) מיט פראַנגען אָדער פראַנזען [קוטאַסען].

tas'selled *a.* (טעסלד) ז. *tasseled*

tas'table *a.* (טייס'־טעבל) וואָס מען קען פערזוכען, וואָס לאָזט זיך פערזוכען; געשמאַק.

taste *v. and n.* (טייסט) פערזוכען, אָב־פּראָבירען [שפּייזען אָדער געטרענקען]; געניסען; אָבפּראָבירען דעם געשמאַק; האָ־בען פאַר עטוואָס אַ געשמאַק אָדער אַ ניי־גונג; זיך דערוויסען, דערקענען; אנער־קענען, וויסען פון ערפאַהרונג; האָבען אַ געשמאַק; דאָס פערזוכען אָדער אָבפּרובי־רען; אַ פּראָבע; אַ געשמאַק; אַ טעם; אַ מוסטער; אַ נייגונג; אַ שמאָלער זיידע־נער באַנד.

tas'ted *a.* (טייס'־טעד) מיט געשמאַק; וואָס האָט אַ געשמאַק.

taste'ful *a.* (טייסט'־פול) געשמאַק, וואָס האָט אַן אנגענעהמען געשמאַק; געשמאַק־פול, מיט אַ גוטען געשמאַק; עלעגאַנט, שעהן.

taste'fully *adv.* (טייסט'־פול־אי) מיט אַ גוטען געשמאַק; געשמאַקפול.

taste'fulness *n.* (טייסט'־פול־נעס) דאָס זיין געשמאַקפול.

taste'less *a.* (טייסט'־לעס) געשמאַקלאָז, אָהן געשמאַק, אָהן טעם.

taste'lessly *adv.* (טייסט'־לעס־לי) אויף אַ געשמאַקלאָזען אופן.

taste'lessness *n.* (טייסט'־לעס־נעס) געשמאַקלאָזיגקייט.

tas'ter *n.* (טייס'־טער) אַן אָבפּראָבירער אָדער פערזוכער [פון עסענס אָדער גע־טרענקען]; אַ לעפעל אָדער גלעזעל מיט וואָס מען פּראָבירט אָדער פערזוכט.

tas'tily *adv.* (טייס'־טי־לי) געשמאַק־פול, מיט אַ גוטען געשמאַק.

tas'to so'lo (טעס'־טאָו סאָו'־לאָו) אין מוזיק — אַן אָנווייזונג, אַז מען זאָל שפּיעלען בלויז די באַס־נאָטען אָהן אַנ־דערע אַקאָרדען.

tas'ty *a.* (טייס'־טי) געשמאַק; מיט גע־שמאַק, עלעגאַנט, שעהן.

tat *n. and v.* (טעט) אַ לופּעטע, אַ שמאַ־טע; קלייבען שמאַטעס אָדער לופּעטעס; שטריקען אָדער טאַמבורירען אַ געוויסען זאָרט שפּיצען [קרוזשעווע]; בעפּוצען דורך טאַמבורירטע שפּיצען.

ta'ta *n.* (טאַ'־טאַ) אין מערב־אַפריקאַ — די רעזידענץ פון דעם הויפּט אָדער עלטע־רען פון אַ בעצירק.

ta'ta *n.* (טיי'־טאַ) אַזאַ קוסטען־פלאַנצע פון בראַזיליען.

Ta'tar *n. and a.* (טאַ'־טאַר) אַ טאַטער; וואָס איז שייך צו אַ טאַטער אָדער צו טאַ־טערען; טאַטעריש.

Tata'rian *a. and n.* (טאַ־טיי'־רי־ען) טאַטעריש; וואָס איז שייך צו די טאַטע־רען; אַ טאַטער.

Tatar'ic *a.* (טאַ־טער'־איק) טאַטעריש; פון טאַטערען.

Ta'tarize *v.* (טאַ'־טע־ראַיז) מאַכען פאַר אַ טאַטער.

tat'ou *n.* (טעט'־אוה) אַ פּאַנצער־טהיער, אַ גאַרטעל־טהיער; דאָס בראַזילישע ריע־זען פּאַנצער־טהיער אָדער גאַרטעל־טהיער [ז. *armadillo*].

tat'ouay *n.* (טעט'־או־איי) דאָס זיד־אַמעריקאַנישע פּאַנצער־טהיער אָדער גאַר־טעל־טהיער. ז. *armadillo*

tatt *v.* (טעט) טאַמבורי־שטריקען אָדער רען אַ געוויסען זאָרט שפּיצען [קרוזשע־ווע]; בעפּוצען דורך טאַמבורירטע שפּי־צען.

tat'ta *n.* (טעט'־אַ) אַזאַ דינע ראַנזשע [מאַטע] אין אַסט־אינדיען וואָס ווערט געפלאָכטען פון אַזאַ שמעקעדיגען גראָז און ווערט דאָרטען בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די היצען.

tat'ter *v. and n.* (טעט'־ער) צוריסען אָדער צוריסען ווערען אין שמאַטעס; צו־טראָגען ביז צו שמאַטעס; אַ שמאַטע, אַ לופּעטע, אַ לאַפּען; איינער וואָס טאַמבו־רירט שפּיצען [קרוזשעווע].

tatterdema'lion *n.* (טעט־ער־די־מיי'־ליאָן) אַן אָבגעריסענער, איינער וואָס געהט אָבגעריסען און אָבגעשליסען.

tat'tered *a.* (טעט'־ערד) צוריסען, צו־לומפּט, שמאַטעוואַטע, אָבגעריסען, צובראָ־כען; אנגעטהאָן אין שמאַטעס אָדער לומ־פּען.

tat'tery *a.* (טעט'־ער־אי) אָבגעריסען און אָבגעשליסען; צולומפּט, שמאַטעוואַטע.

tat'tie *n.* (טעט'־אי) ז. *tatta*

tat'ting *n.* (טעט'־אינג) אַזעלכע טאַמ־בורירטע שפּיצען [קרוזשעווע]; דאָס טאַמבורירען שפּיצען.

tat'tle *v. and n.* (טעטל) פּלוידערען, פּלאַפּלען, קלאַטשען; פּלוידעריי, קלאַטשע־ריי, פּלאַפּלעריי, פּוסטע דבורים, דברים בטלים.

tat'tler *n.* (טעט'־לער) אַ פּלוידערער,

א באלבעטון, א פלאפלער; אזא פויגעל מיט לאנגליכע פים און א לאנגליכען שנאבעל.

tat'tling *a.* (טעט'-לינג) פלוידערענד, פלאפלענד.

tat'tlingly *adv.* (טעט'-לינג-לי) פלוידערענדיג, פלאפלענדיג; רעדענדיג פוסטע דבורים.

tattoo' *v. and n.* (טע-טוה') טאטואירען [אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן לייב]; טאטואירונג, אויסגעשטאכענע פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; דאס פויקען מיט א פויק.

Tattoo

tattoo'er *n.* (טע-טוה'-ער) א טאטואירער, איינער וואס קען אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן קערפער.

tattoo'ing *n. and a.* (טע-טוה'-אינג) טאטואירונג, די קונסט פון אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; די אויסגעשטאכענע פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; דער קלאנג פון א פויק; טאטואירענד.

tattoo'ing-nee'dle *n.* (טע-טוה'-אינג-ניע'דל) א טאטואיר-נאדעל [א נאדעל מיט וועלכער מען שטעכט אויס פארביגע פיגורען אויף'ן לייב].

tat'ty *n.* (טעט'-אי) אזא דינע ראגאזשע [מאטע] אין אסט-אינדיען, וועלכע איז געפלאכטען פון אזא שמעקעדיגען גראז און ווערט בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די הייסע וועטערען.

tau'-bone *n.* (טאה'-באון) א ביין עהנליך צו דעם בוכשטאב **T**.

taught (טאהט) געלערענט, אונטערריכטעט. ז. *teach*.

taunt *v., n. and a.* (טאהנט) שפאטען, חוזק מאכען; שפאט; חוזק; זעהר הויך [וועגען א מאסט פון א שיף].

taun'ter *n.* (טאהנ'-טער) א שפאטער, א חוזק-מאכער.

taun'tingly *adv.* (טאהנ'-טינג-לי) שפאטענדיג, מאכענדיג חוזק; מיט שטעכווערטלעך.

tau'riform *a.* (טאה'-רי-פארם) אקסען-פערמיג, וואס האט די פארם פון אן אקס אדער פון זיינע הערנער; אין אסטראנאמיע — וואס בעצייכענט דעם מזל שור פון דעם זאדיאק אדער מזלות; וואס האט די פארם פון דעם סימבאל ♉.

tau'rine *a.* (טאה'-רין) וואס איז שייך צו אן אקס; עהנליך צו אן אקס; וואס איז שייך צום צייכען פון מזל שור [♉]; וואס איז שייך צו דער פעריאדע ווען די זון, אין דער טאג-און-נאכט-גלייכהייט פון פריהלינג [ז. *vernal equinox*], האט זיך געפונען אין דער שטערען-גרופע פון מזל שור [דיעזע פעריאדע האט געדויערט פון יאהר 4500 ביז דעם יאהר 1900 פאר קריסטוס'עס געבורט].

taurobo'lium *n.* (טאה-רא-באו'-לי-אם) דאס מקריב זיין אן אקס פאר'ן גאט מיטהרא [ז. *Mithra*]; א בילד אדער סטאטוע וואס שטעלט פאר דאס קוילען אן אקס.

tau'rocol *n.* (טאה'-רא-קאל) א קליי וואס ווערט געמאכט פון אקסען-פעל.

taurocol'la *n.* (טאה-רא-קאל'-א) ז. *taurocol*.

tauroma'chian *a. and n.* (טאה-רא-מיי'-קי-ען) וואס איז שייך צו אן אקסען-קאמפף, וואס שטעלט פאר אן אקסען-קאמפף; אן אקסען-קעמפפער, א טארעאדאר.

tauromach'ic *a.* (טאה-רא-מעק'-איק) וואס איז שייך צו אן אקסען-קאמפף.

taurom'achy *n.* (טאה-ראמ'-ע-קי) אן אקסען-קאמפף.

tauromor'phous *a.* (טאה-רא-מאהר'-פאס) וואס האט די פארם פון אן אקס.

Tau'rus *n.* (טאה'-ראס) מזל שור [די גרופע שטערען אין דעם זאדיאק אדער מזלות, וואס ווערט פארגעשטעלט ווי דער פאדערשטער טייל פון אן אקס].

tau'-staff *n.* (טאה'-סטעף) א קרייצפערמיגער שטיעל אדער הענטעל.

taut *a.* (טאהט) שטייף, פעסט, שטייף אנגעצויגען; וואס איז אין א גוטען אדער זיכערען צושטאנד.

tautaug' *n.* (טאה-טאהג') ז. *tautog*.

tau'ten *v.* (טאהטן) שטייף אנגעצויגען ווערען; מאכען שטייף, אנציהען שטייף אדער פעסט.

taut'ly *adv.* (טאהט'-לי) שטייף אנגעצויגען.

taut'ness *n.* (טאהט'-נעס) אנגעצויגענקייט, שטייפקייט.

ther'mal equa'tor (טהויר'-מעל אי-קוויי'-טאר) דער ווערמע-עקוואטאר [די ליניע פון דעם ערד-קוגעל וואו די היץ איז אם גרעסטען].

ther'mally *adv.* (טהויר'-מעל-אי) אין בעצוג צו היץ אדער ווארימקייט.

ther'mal u'nit (טהויר'-מעל יו'-ניט) א ווערמע=איינהייט [אן איינהייט צו מעסטען ווארימקייט. זי ווערט אויסגעדריקט דורך דער מאס ווארימקייט, וואס איז נויטיג צו דערהיצען א קילאגראם אדער א גראם וואסער פון 0 גראד ביז 1 גראד].

thermatol'ogy *n.* (טהויר-מע-טאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער בעהאנדלונג פון קראנקהייטען דורך ווארימקייט, ווי דורך הייסע מינעראל=בעדער א. ד. ג.

ther'mic *a.* (טהויר'-מיק) ווארים; וואס קומט פון ווארימקייט.

Thermidor' *n.* (טער-מי-דאהר') טערמידאר [דער 11טער חדש פון פראנצויזישען רעפובליקאנישען קאלענדאר אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. ער האט זיך גערעכענט פון 19טען יולי ביז דעם 27טען אויגוסט].

Thermido'rian *n. and a.* (טהויר-מי-דאו'-רי-ען) א טערמידאריסט [א מיטגליעד פון דער געמעסיגטער פארטיי אין פראנקרייך, אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן, וועלכע האט געשטירצט ראבעספיערען אין דעם חדש טערמידאר]; טערמידאריסטיש, וואס איז שייך צו די טערמידאריסטען.

thermochem'ical *a.* (טהויר-מא-קעמ'-אי-קעל) טערמא=כעמיש, וואס איז שייך צו די כעמישע ערשיינונגען וועלכע זיינען פערבונדען מיט פערשלינגען אדער ענטוויקלען היץ.

thermochem'istry *n.* (טהויר-מא-קעמ'-איס-טרי) טערמא=כעמיע [דער טייל פון כעמיע וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען כעמישע ווירקונגען און ווארימקייט].

thermodynam'ic *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-איק) טערמא=דינאמיש, וואס ווערט פעראורזאכט אדער ווערט געטריבען דורך דער קראפט וואס בעקומט זיך פון ווארימקייט; וואס איז שייך צו טערמא=דינאמיק [ז. *thermodynamics*].

thermodynam'ical *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו טערמא=דינאמיק. ז. *thermodynamics*

thermodynam'ically *adv.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו טערמא=דינאמיק. ז. *thermodynamics*

thermodynam'ics *n.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-איקס) טערמא=דינאמיק [די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען צווישען ווארימקייט און מעכאנישער ארבייט].

ther'mo-elec'tric *a.* (טהויר'-מאו-אי-לעק'-טריק) טערמא=עלעקטריש, וואס איז שייך צו טערמא=עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*

ther'mo-elec'trically *adv.* (טהויר'-מאו-אי-לעק'-טרי-קעל-אי) אין בעצוג אדער אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון טערמא=עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*

ther'mo-electric'ity *n.* (טהויר'-מאו-אי-לעק-טריס'-אי-טי) טערמא=עלעקטריציטעט אדער ווערמע=עלעקטריציטעט [עלעקטריציטעט וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך ווארימקייט, ווי צ. ב. ווען די ענדען פון צוויי פערשיעדענע מעטאל=שטרייפען ווערען צונויפגעלייט, וועהרענד די צוויי פרייע ענדען ווערען פערבונדען מיט א דראט, דאן, ווען מען דערהיצט די צונויפגעלייטעטע שטעלע פליסט אן עלעקטרישער שטראם דורך דעם געשלאסענעם קרייז פון די מעטאל=שטרייפען און פון דעם דראט].

ther'mo-electrom'eter *n.* (טהויר'-מאו-אי-לעק-טראמ'-ע-טער) א טערמא=עלעקטראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ פון אן עלעקטרישען שטראם אדער צו בעשטימען זיין שטארקייט דורך דער היץ וואס ער גיט ארויס].

thermogenet'ic *a.* (טהויר-מא-דזשי-נעט'-איק) ז. *thermogenic*

thermogen'ic *a.* (טהויר-מא-דזשענ'-איק) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ; וואס איז שייך צו דער פראדוקציאן פון ווארימקייט.

thermog'enous *a.* (טהויר-מאדזש'-ע-נאס) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ.

ther'mogram *n.* (טהויר'-מא-גרעם) א טערמאגראם [א פערצייכנונג פון א טערמאגראף]. ז. *thermograph*

ther'mograph *n.* (טהויר'-מא-גרעף) א טערמאגראף [א טערמאמעטער וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דאס שטייגען און דאס פאלען פון דער טעמפעראטור].

thermog'raphy *n.* (טהויר-מאג'-רע-פי) א מעטאדע פון שרייבען ניט מיט געוועהנליכער טינט, נאר מיט אן אנדער פליסיגקייט, וועלכע פאדערט די אנווענדונג פון היץ, אום די בוכשטאבען זאלען זיך בעווייזען אויף'ן פאפיער.

thermokinemat'ics *n.* (טהויר-מא-קינ-אי-מעט'-איקס) טערמא=קינעמאטיק [די לעהרע וועגען דער בעוועגונג פון ווארימקייט].

thermol'ogy *n.* (טהויר-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ווארימקייט אדער היץ.

thermomag'netism *n.* (טהויר-מאו-מעג'-נעט-איזם) טערמא=מאגנעטיזם, מאגנעטיזם וואס ווערט ארויסגערופען פון היץ.

thermom'eter *n.* (טהויר-מאמ'-ע-טער) א טערמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען טעמפעראטור].

thermomet'ric *a.* (טהויר-מא-מעט'-ריק) טערמאמעטריש, וואס איז שייך צו א טערמאמעטער; וואס ווערט געמאכט מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet'rical *a.* (טהויר-מא-מעט'-רי-קעל) ז. *thermometric*

thermomet'rically *adv.* (טהויר-מא-מעט'-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet'rograph *n.* (טהויר-מא-מעט'-רא-גרעף) א טערמאמעטראגראף [א טערמאמעטער, וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די מאקסימאלע און מינימאלע טעמפעראטור].

thermom'etry *n.* (טהויר-מאמ'-ע-טרי) די קונסט אדער די מעטאדע צו מעסטען טעמפעראטור.

thermomo'tive *a.* (טהויר-מא-מאו'-טיוו) וואס איז שייך צו מאשינען, וועלכע ווערען בעטריבען פון דערהיצטע גאזען אדער פון דערהיצטער לופט.

thermomo'tor *n.* (טהויר-מא-מאו'-טאר) א מאשין וואס ווערט בעטריבען פון דערהיצטער לופט.

ther'mophone *n.* (טהויר'-מא-פאון) אן עלעקטרישער אינסטרומענט וועלכער גיט ארויס קלאנגען דורך די ענדערונגען פון דער טעמפעראטור אין דעם שטראם=קרייז.

thermoreg'ulator *n.* (טהויר-מא-רעג'-יו-ליי-טאר) א פארריכטונג צו רעגולירען די טעמפעראטור פון א הייץ=אפאראט.

ther'mos bot'tle (טהויר'-מאס באטל) א פלאש וואס איז אזוי געמאכט דאס די אויסערליכע טעמפעראטור זאל ניט האבען קיין שטארקען איינפלוס אויף איהר אינהאלט, ד. ה. אויב זי ענטהאלט עטוואס הייסעס זאל זיך עס ניט גיך אבקיהלען און אויב קאלטעס זאל עס ניט גיך ווארים ווערען [זי ווערט געמאכט מיט דאפעלטע ווענטלעך, וואס די לופט צווישען זיי ווערט אויסגעפומפט].

ther'moscope *n.* (טהויר'-מא-סקאופ) א טערמאסקאפ [אן אינסטרומענט וואס צייגט אן די ענדערונגען אין טעמפעראטור, ניט מעסטענדיג זי].

thermoscop'ic *a.* (טהויר-מא-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו א טערמאסקאפ; וואס איז געמאכט מיט דער הילף פון א טערמאסקאפ. ז. *thermoscope*

thermoscop'ical *a.* (טהויר-מא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *thermoscopic*

ther'mostat *n.* (טהויר'-מא-סטעט) א טערמאסטאט, א ווערמע=רעגולאטאר [אן אויטאמאטישער אינסטרומענט צו רעגולירען די טעמפעראטור].

thermostat'ic *a.* (טהויר-מא-סטעט'-איק) טערמאסטאטיש, וואס איז שייך צו א טערמאסטאט; וואס רעגולירט די טעמפעראטור.

thermostat'ically *adv.* (טהויר-מא-סטעט'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א טערמאסטאט. ז. *thermostat*

thermostat'ics *n.* (טהויר-מא-סטעט'-איקס) טערמאסטאטיק [די לעהרע וועגען דער גלייכגעוויכט פון היץ].

thermot'ic *a.* (טהויר-מאט'-איק) וואס איז שייך צו ווארימקייט; וואס קומט פון היץ.

thermot'ical *a.* (טהויר-מאט'-אי-קעל) ז. *thermotic*

thermot'ics *n.* (טהויר-מאט'-איקס) ווערמע=לעהרע, די לעהרע וועגען ווארימקייט.

thermot'ropism *n.* (טהויר-מאט'-רא-פיזם) די ערשיינונג וואס פלאנצען ווערען אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט דורך דער ענדערונג פון דער טעמפעראטור.

therol'ogy *n.* (טהי-ראל'-א-דזשי) ז. *mammalogy*

thesau'rus *n.* (טהי-סאה'-ראס) א שאץ, אן אוצר; א קאסע; א ווערטער=בוך, א לעקסיקאן.

these *a. and pr.* (טהיעז) דיעזע [אלס מעהרצאהל]. ז. *this*

the'sis *n.* (טהיע'-סיס) א טהעזיס, א טהעזע, א זאץ, א בעהויפטונג; א בעהויפטונג אדער א זאץ וואס דארף בעוויזען ווערען; א דיסערטאציע [א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער וועלכער עס איז טהעמא, וואס ווערט צוגעשטעלט פון א קאנדידאט אויף א געלעהרטען=טיטול, ווי דאקטאר, מאגיסטער א. ד. ג.]; א טהעמא; אין מוזיק — דער בעטאנטער טייל פון א טאקט; די שטארקע בעטאנונג אדער שווערער אקצענט ווי ביים אבקלאפען דעם טאקט; אין דיכטונג — דער בעטאנטער טייל פון א פוס=מאס.

thes'mothete *n.* (טהעס'-מא-טהיט) אן אלט=גריכישער געזעץ=געבער; איינער פון די 6 אונטערע ארכאנטען [שטאדט=בעאמטע] אמאל אין אטהען, גריכענלאנד.

Thes'pian *a. and n.* (טהעס'-פי-ען) טהעספיש, וואס איז שייך צו טהעספיס [א האלב=לעגענדארער גריכישער פאעט, וועגען וועלכען עס ווערט געזאגט, אז ער איז דער שעפפער פון דער גריכישער דרא=

מא אדער טראגעדיע]; דראמאטיש, טראגיש; אַז אַקטיאָר.

Thes'pian art (טהעס'-פּי-ען אַרט) די טהעספּישע קונסט, די דראַמאַ, די שוי־שפּיעל־קונסט.

Thessa'lian *a. and n.* (טהע-סיי'-ליען) טהעסאַליש, וואָס איז שייך צו טהעסאַליען [אַ געגענד וואָס געפינט זיך אין דרום פון מאַצעדאָניען]; אַ טהעסאַליער, אַן איינוואָהנער אדער געבאָרענער פון טהעסאַליען.

the'ta *n.* (טהיע'-טאַ) דער גריכישער בוכשטאַב טהעטאַ [*th*].

The'tis *n.* (טהיע'-טיס) [אין טהעטיס דער קלאַסישער מיטאָלאָגיע — די ים־געטין, וועלכע איז געוועזן די מוטער פון אכילעס]; אין אַסטראָנאָמיע — דער 17טער פּלאַנעטאָאיד [איינער פון די קליינע פּלאַנעטען וועלכע דרעהען זיך אַרום דער זון צווישען יופּיטער און מאַרס].

theur'gic *a.* (טהי-אויר'-רזשיק) וואונדער־שאַפענד, וואָס האָט די קראַפט אויפצוטהאָן וואונדער.

theur'gical . (טהי-אויר'-רזשי-קעל) ז. *theurgic*.

the'urgist *n.* (טהיע'-אויר-דזשיסט) אַ וואונדער־מאַכער, אַ וואונדער־טהוער.

the'urgy *n.* (טהיע'-אויר-דזשי) אַ וואונדער־קראַפט, אַן איבערנאַטירליכע קראַפט; די ערשיינונג אדער די ווירקונג פון אַן איבערנאַטירליכער קראַפט; דאָס שאַפען וואונדער; שוואַרצע קונסט, מאַגיק.

thew *n.* (טהיו) אַ מוסקול.

thewed *a.* (טהיוד) וואָס האָט ענטוויקעלטע מוסקולען; קרעפטיג, וואָס האָט כח.

thew'less *a.* (טהיו'-לעס) שוואַך, וואָס האָט ניט קיין כח.

thews *n.* (טהיוז) מוסקולען; כח, קערפּער־קראַפט.

thew'y *a.* (טהיו'-אי) מיט שטאַרק־ענטוויקעלטע מוסקולען; קרעפטיג.

they *pr.* (טהיי) זיי.

they're (טהייר) זיי זיינען [אַלס אַ פערקירצונג פון די ווערטער *they are*].

thian'-shan' *n.* (טהיען'-שען') אַזאַ ווילדע שעפּס אין צענטראַל־אזיען, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט דער ריעזיגער גרויס פון איהרע הערנער.

thick *a., adv., n. and v.* (טהיק) דיק; געדיכט; טריב, מוטנע; נעבעלדיג; אונקלאָר, אונדייטליך; פיעל; גרויס; גראָב, דום, ניט אינטעליגענט; אינטים, וואָס איז אין נאָהנטער פריינדשאַפט; דיקקייט; די רעכטע געדיכטע; אַ נאַר, אַ גראָבער קאָפּ; מאַכען דיק אדער געדיכט; ווערען דיק אדער געדיכט.

thick'-and-thin' *a.* (טהיק'-ענד-טהין') 1. גרייט אויף אַלעם; איבערגעגעבען ביז גאָר; דורך און דורך; 2. וואָס איין שייבע פון בלאָק איז דיקער אַלס די אַנדערע [וועגען די אויפצוגס־בלאָקס פון אַ שיף. ז. *pulley*].

1. He is my thick-and-thin supporter.

thick and three'fold (טהיק ענד טהריע'-פאָולד) שנעל איינע נאָך די אַנדערע, אין אַ גרויסער צאָהל.

thick'-brained *a.* (טהיק'-בריינד) מיט אַ גראָבען קאָפּ, דום, נאַריש.

thick'-com'ing *n.* (טהיק'-קאַמ'-אינג) וואָס קומט געדיכט איינע נאָך די אַנדערע.

thick'en *v.* (טהיקן) מאַכען דיק; מאַכען געדיכט; פערשטאַרקען; פערדונקלען, פערוואָלקענען; מאַכען מוטנע; פערגרעסערען אדער פערמעהרען אין צאָהל; דיק ווערען; געדיכט ווערען; שווערער ווערען; ווערען טריב, דונקעל אדער מוטנע; ווערען נעבעלדיג; ווערען פערפּלאָנטערט אדער קאָמפּליצירט; זיך פערמעהרען, זיך פערגרעסערען אין צאָהל; ווערען אונקלאָר אדער אונדייטליך.

thick'ener *n.* (טהיק'-נער) איינער אדער עפּעס וואָס מאַכט דיק אדער געדיכט.

thick'ening *n.* (טהיק'-נינג) דאָס מאַכען אדער ווערען דיק אדער געדיכט; עטוואָס וואָס ווערט צוגעלעגט צו אַ פליסיגקייט אום זי געדיכטער צו מאַכען; עטוואָס וואָס איז געוואָרען געדיכט.

thick'et *n.* (טהיק'-עט) אַ געדיכט וועלדעל.

thick'eted *a.* (טהיק'-עט-עד) בעדעקט אדער בעוואַקסען מיט געדיכטע בוימלעך.

thick'-eyed *a.* (טהיק'-איד) שוואַכזיכטיג, וואָס האָט אַ דונקעלע אדער שוואַכע ראיה.

thick'head *n.* (טהיק'-העד) אַ גראָבער קאָפּ, אַ נאַר.

thick'-head'ed *a.* (טהיק'-העד'-עד) גראָב־קעפּיג, דום; וואָס האָט אַ דיקען אדער פערוואַקסענעם שפּיץ [וועגען אַ בוים].

thick'ish *a.* (טהיק'-איש) דיקליך, גרעבליך.

thick'-leaved *a.* (טהיק'-ליעווד) וואָס האָט דיקע בלעטער; געדיכט בעוואַקסען מיט בלעטער.

thick'-legged *a.* (טהיק'-לעגד) דיקפיסיג.

thick'-lipped *a.* (טהיק'-ליפּט) וואָס האָט דיקע ליפּען.

thick'lips *n.* (טהיק'-ליפּס) אַ מענש מיט גראָבע ליפּען.

thick'ly *adv.* (טהיק'-לי) דיקליך; געדיכטליך; פיעל, אָפט.

thick'ness *n.* (טהיק'-נעס) דיקקייט; גראָבקייט; געדיכטקייט; טריבקייט, מוטנעקייט; נעבעלדיגקייט; אַ קנייטש, אַ פאַלד.

thick'-set *a. and n.* (טהיק'-סעט) געדיכט געזעצט; געדיכט בעוואַקסען; געדיכט; דיק, גראָב; קורץ און גראָב; אַ געדיכט וועלדעל; אַזאַ דיקער סאַמעט־עהנליכער מאַנטשעסטער [אַזאַ צייג פאַר אַרבייטס־קליידער].

thick'-sigh'ted *a.* (טהיק'-סאַי'-טעד) שוואַכזיכטיג; וואָס האָט אַ שוואַכע אדער דונקעלע ראיה.

thick'skin *n. and a.* (טהיק'-סקין) אַ גראָבע הויט, אַ גראָב־הויטיגער, אַ מענש וואָס פיהלט ניט קיין בעליידיגונג אדער שטעך־ווערטער; גראָב־הויטיג, וואָס האָט אַ דיקע הויט אדער פעל; וואָס איז ניט עמפּפינדליך אדער פיהלט ניט אַ בעליידיגונג אדער פאָרוואורף.

thick'-skinned *a.* (טהיק'-סקינד) וואָס האָט אַ גראָבע הויט אדער פעל; וואָס פיהלט ניט קיין בעליידיגונג אדער פאָרוואורף.

thick'skull *n.* (טהיק'-סקאַל) ז. *thickhead*.

thick'-skulled *a.* (טהיק'-סקאַלד) גראָבקעפּיג, וואָס האָט אַ גראָבען קאָפּ צום לערנען; דום, נאַריש.

thick'-wit'ted *a.* (טהיק'-הוויט'-עד) דום, נאַריש, גראָבקעפּיג.

thief *n.* (טהיעף) אַ גנב, אַ גנב'טע; אַ שווינדלער, אַ בעטריגער; אַן אַרויסשטאַרצונג פון אַ קנייטעל פון אַ ליכט וואָס מאַכט אַז דאָס ליכט זאָל זיך שמעלצען; אַ בלעכען טרינק־קענדעל מיט אַ שנירעל וואָס מאַטראָזען בענוצען.

thief'-catch'er *n.* (טהיעפ'-קעטש'-ער) אַ גנבים־כאַפּער.

thief'-ta'ker *n.* (טהיעפ'-טיי'-קער) ז. *thief-catcher*.

thieve *v.* (טהיעוו) גנב'ענען.

thiev'ery *n.* (טהיעוו'-ער-אי) גנבה; אַ גע'גנב'עטע זאַך.

thieves *n.* (טהיעווז) גנבים.

thieves' Lat'in (טהיעווז לעט'-אין) גנבים־שפּראַך.

thie'vish *a.* (טהיע'-וויש) גנב'יש; וואָס האָט אַ נייגונג צום גנב'ענען; געטהאָן בגנבה אדער אין געהיים.

thie'vishly *adv.* (טהיע'-וויש-לי) בגנבה, מעשה גנב; דורך גנבה.

thie'vishness *n.* (טהיע'-וויש-נעס) גנב'ישדיגקייט; די נייגונג צום גנב'ענען.

thig *v.* (טהיג) בעטלען, בעטלען אַ נדבה; לעבען פון נדבות.

thigh *n.* (טהאַי) די פּאָלקע [דער טייל פון פוס פון היפט ביז דער קניע]; דער דריטער געלענק פון אַ פוס פון אַן אינזעקט.

thigh'-bone *n.* (טהאַי'-באָון) דער פּאָלקע־ביין.

thill *n.* (טהיל) אַן אָלאָבליע [פון אַ וואָגען]; אַ דייקסעל, אַ דישעל.

thill'er *n.* (טהיל'-ער) ז. *thill-horse*.

thill'-horse *n.* (טהיל'-האָהרס) אַ פערד וואָס ווערט געשפּאַנט אין אָלאָבליעס.

thim'ble *n.* (טהימבל) אַ פינגערהוט; אַ רינג אדער קורצע מעטאַלענע רעהר צו פעראייניגען די ענדען פון צוויי שאַפטען, פון רעהרען א. ז. וו.; אַ מעטאַלענער רינג מיט אַ פערטיעפונג אין דער אויסען־זייט, אַז עס זאָל זיך אין איהם אַריינפּאַסען אַ שטריק [ווערט געברויכט אויף שיפען].

thim'bleberry *n.* (טהימ'בל-בער-אי) די שוואַרצע מאַלינע [אַזאַ יאַגדע].

thim'ble-case *n.* (טהימ'בל-קייס) אַ פינגערהוט־טעשעל, אַ פינגערהוט־שאַכטעל.

thim'bleful *n.* (טהימ'בל-פול) אַזוי פיעל וויפיעל עס קען אַריין אין אַ פינגערהוט; זעהר ווייניג, אַ ביסעל.

thim'ble-joint *n.* (טהימ'בל-דזשאָינט) אַ רעהר אדער רינג צום צוזאַמענהאַלטען די פערבינדונגען פון רעהרען.

thim'bleman *n.* (טהימ'בל-מען) ז. *thimblerigger*.

thim'ble-pie *n.* (טהימ'בל-פּאַי) אַ שנעל מיט אַ פינגערהוט [אַלס שטראָף פאַר שול־מיידלעך].

thim'blerig *n. and v.* (טהימ'בל-ריג) דאָס בעכער־שפּיעל [אַזאַ שווינדעל־שפּיעל מיט דריי טאַסען און אַן אַרבעס אדער קייקעלע, ביי וועלכען מען דאַרף טרעפען אונטער וועלכער טאַס דער אַרבעס אדער דאָס קייקעלע געפינט זיך]; בעשווינדלען; בעשווינדלען אין דעם בעכער־שפּיעל; בעשווינדלען דורך קונץ־שטיק אדער פּאַקוסען.

thim'blerigger *n.* (טהימ'בל-ריג-ער) אַ פּאַקוסניק, אַ שווינדלערישער קונצען־מאַכער, אַ בעכער־שפּיעלער, אַ שווינדלער. ז. *thimblerig*.

thim'blerigging *n.* (טהימ'בל-ריג-אינג) בעכער־שפּיעלעריי, פּאַקוסען, שווינדלערישע קונצען־מאַכעריי, שווינדעל. ז. *thimblerig*.

thim'bleweed *n.* (טהימ'בל-הוויעד) די אַמעריקאַנישע אַנעמאָנע אדער רודעקיע [אַזאַ פּלאַנצע מיט ווייסליכע בליטהען און מיט פרוכטען וואָס זיינען עהנליך צו פינגערהוטען].

thin *a., adv. and v.* (טהין) 1. דין; 2. שיטער; 3. שוואַך, וואַסערדיג [וועגען

געטרענקע]; 4. שוואך; 5. דורכזיכטיג; 6. לייכט; 7. מאגער; 8. וועניג, קנאפ; ניט צאהלרייך; 9. מאכען דין, שיטער, לייכט, וואסערדיג, שוואך אדער מאגער; 10. פערמינדערען, מאכען קנאפער אדער וועניגער.

3. I use only **thin** drinks. 4. He spoke in a low **thin** voice. 5. It was a severe reproach under a **thin** disguise. 6. She wore a **thin** summer dress. 8. We are kept on a **thin** diet. 10. The war **thinned** the population.

thine *pr.* (טהאין) דיינס, דיין, דיינע; דער דייניגער, די דייניגע, דאס דייניגע.

thing *n.* (טהינג) 1. א זאך; 2. א בעשעפעניש; 3. א פערפאסונג [ליטעראַרישע אדער מוזיקאלישע]; 4. א טייל, אן איינצעלהייט, א קליינינקייט; 5. א פערזאמלונג, א פארלאמענט [אין די סקאנדינאווישע לענדער].

2. Poor **thing**! 4. He did not dare to disobey in the least **thing**.

thing (*the*) *n.* (טהינג) די ריכטיגע אדער נויטיגע זאך.

thing'amy *n.* (טהינג'-ע-מי) ז. ***thingumbob***.

thing'iness *n.* (טהינג'-אי-נעס) זאכליכקייט, רעאליטעט, דאס זיין מאטעריעל; דאס זיין מאטעריאליסטיש; פראקטישקייט.

thing'-in-itself' *n.* (טהינג'-אין-איט-סעלף') די זאך אן און פאר זיך.

thing of naught (טהינג אוו נאהט) א גארנישט, א גאלע גארנישט.

Man is like a **thing of naught**, his time passeth away like a shadow.

thing of noth'ing (טהינג אוו נאטה'-אינג) ז. ***thing of naught***.

things *n.* (טהינגז) 1. זאכען; בעשעפענישען; 2 קליידער; אויסשטאטונגס-זאכען [ווי מעבעל, למשל]; אייגענטומס-זאכען; 3. אומשטענדען.

2. She took her **things** and left the house. 3. In the course of time all **things** will be straightened out.

things in ac'tion (טהינגז אין עק'-שאן) געזעצליכע רעכטע אויף זאכען, וועלכע מען בעזיצט נאך ניט.

thing'umajig *n.* (טהינג'-אמ-ע-דזשיג) ז. ***thingumbob***.

thing'umbob *n.* (טהינג'-אמ-באב) א "ווי רופט מען איהם" אדער "ווי רופט מען דאס" [אן אונבעשטימטע פערזאן אדער זאך, וועלכע מען קען ניט אנרופען מיט א נאמען אדער וועלכע מען רעכענט ניט פאר נויטיג אנצורופען].

thing'ummy *n.* (טהינג'-אמ-אי) ז. ***thingumbob***.

thin'-gut'ted *a.* (טהינ'-גאט'-עד) מיט א פלאכען אדער מאגערען בויך.

thing'y *a.* (טהינג'-אי) מאטעריעל, זאכליך, רעאל; מאטעריאליסטיש, פראקטיש.

think *v. and n.* (טהינק) 1. דענקען; 2. נאכדענקען, ארויפברייגנען אויף'ן געדאנק, זיך דערמאנען אז...; 3. בעגרייפען, אורטיילען, בענעהמען; 4. זיך פארשטעלען; 5 נעהמען אין אנבעטראכט, דענקען וועגען...; 6. האבען אין זינען, בעאבזיכטיגען, רעכענען, מיינען; 7. רעכנען פאר..., בעטראכטען אלס...; 8. אויסדענקען, אויסטראכטען, ארויסברייגנען אדער פעראורזאכען דורך דענקען; 9. האבען א מיינונג; 10. האלט האבען, האלטען פון...; פיהלען א נייגונג; 11. דענקונג; א געדאנק.

2. When temptations allure you, **think** of the inevitable punishment. 4. In the Zoological Garden you will find all the animals you can **think** of. 8. He sleeps and **thinks** no evil. 9. I **think** highly of his abilities.

thin'kable *a.* (טהינ'-קעבל) וואס מען קען דענקען, וואס לאזט זיך דענקען, וואס לאזט זיך בעגרייפען אדער בענעהמען, וואס מען קען זיך פארשטעלען אין געדאנק.

thin'ker *n.* (טהינ'-קער) א דענקער.

think good (טהינק גוד) בעטראכטען אלס גוט, האלטען פאר נויטיג, פאסיג אדער גוט; איינוויליגען, איינשטימען.

thin'king *n.* (טהינ'-קינג) דענקונג, דאס דענקען; דער פערשטאנד; דענקונגס-פעהיגקייט; א געדאנק, א מיינונג, אן אורטייל.

thin'kingly *adv.* (טהינ'-קינג-לי) דענקענדיג, נאכדענקענדיג; בעוואוסטזיניג; מיט איבערלעגונג.

think lit'tle of (טהינק ליטל אוו) גרינגשעצען, זיך וועניג קימערען, שענקען וועניג אויפמערקזאמקייט, רעכענען פאר א קליינינקייט.

think noth'ing of (טהינק נאטה'-אינג אוו) זיך גאר ניט קימערען, רעכנען פאר גארניט.

He **thinks nothing of** walking ten miles a day.

think out (טהינק אוט) 1. אויסדענקען, בעקומען א קלארען בעגריף; 2. פלאנעווען, מאכען א פלאן; אויסארבייטען [אין געדאנק]; 3. לעזען [א פראבלעם].

1. Let us **think out** the problem. 2. It was left to the secretary to **think out** the details of the plan. 3. I shall attempt to **think out** this chess problem.

think small beer of (טהינק סמאהל ביער אוו) האבען ניט קיין הויכע מיינונג, גרינגשעצען.

thin'ly *adv.* (טהינ'-לי) דין; שיטער; שוואך; קנאפ; דורכזיכטיג, לייכט; מאגער; וועניג, קנאפ, אין א קליינער מאס אדער צאהל.

thin'ner *n.* (טהינ'-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט דין, שיטער, קנאפער אדער מאגערער.

thin'ness *n.* (טהינ'-נעס) דינקייט; מאגערקייט; שיטערקייט; וועניגקייט, קנאפקייט; לייכטקייט; שוואכקייט; דורכזיכטיגקייט.

thin'nish *a.* (טהינ'-איש) אביסעל דין, דינליך; שיטערליך; קנאפליך; שוואכליך; מאגערליך.

thin'-skinned *a.* (טהינ'-סקינד) 1. וואס האט א דינע הויט; 2. שטארק עמפפינדליך, וואס בעליידיגט זיך לייכט, אויפרעגבאר; 3. וואס האט בלויז א דינעם שיכט פון גוטען באדען [וועגען לאנד].

1. **Thin-skinned** persons should not expose their bodies to the sun. 2. **Thin-skinned** people should not enter public life.

thin'-skinned'ness *n.* (טהינ'-סקינד'-נעס) דין-הויטיגקייט; שטארקע עמפפינדליכקייט; שטארקע אויפרעגבארקייט.

third *a. and n.* (טהוירד) וואס קומט צום דריטען; דריטער, דריטע, דריטעס; וואס איז א דריטעל אדער א דריט-חלק; א דריטעל, א דריט-חלק; א טערציע [א זעכציגסטעל פון א סעקונדע]; אין מוזיק — די טערציע אדער טערץ [דער דריטער טאן אין א גאמא]; דער טאן "מי"; דער אינטערוואל צווישען ערשטען און דריטען טאן; די הארמאנישע צוזאמענגיסונג פון ערשטען און דריטען טאן פון א גאמא; אין בייסבאל-שפיעל — דער שפיעלער וואס פערנעהמט דעם דריטען ווינקעל פון שפיעל-פלאץ.

third base (טהוירד בייס) אין בייסבאל-שפיעל — דער דריטער פון די פיער ווינקלען פון שפיעל-פלאץ.

third'-bor'ough *n.* (טהוירד'-באר'-או) א קאנסטאבעל, א פאליציסט. ז. ***constable***.

third'-class *a.* (טהוירד'-קלעס) פון דריטען קלאס [הויפטזעכליך וועגען אייזענבאהן-וואגאנען].

third'-class mat'ter (טהוירד'-קלעס מעט'-ער) אין דער פאסט-קלאסיפיקאציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — געדרוקטע זאכען אויסער צייטונגען און אנדערע פעריאדישע אויסגאבען.

third cous'in (טהוירד קאזן) א שוועסטער-קינד אין דריטען דור.

Third'-day *n.* (טהוירד'-דיי) דיענסטאג.

third estate' (טהוירד עס-טייט') דער דריטער [געזעלשאפטליך-פאליטישער] שטאנד, דאס פשוט'ע פאלק [אין געגענזאץ צו די גייסטליכע און אדעליגע], דער מיטעל-קלאס.

third hour (טהוירד אור) די דריטע פון די צוועלף שטונדען צווישען זון-אויפגאנג און זון-אונטערגאנג; ביי די קאטויליקען — דאס גאטעסדיענסט אום 9 א זייגער אין דער פריה; ביי די פארצייטיגע אידען — דער פריהמארגענדיגער קרבן תמיד [מנחת הבקר].

third house (טהוירד האוס) דאס דריטע הויז [אויסער דעם אויבערשטען און אונטערשטען הויז פון א פארלאמענט], די מענשען וואס דרעהען זיך אין די קולוארען אדער פאר-הויז פון א פארלאמענט, אום צו בעאיינפלוסען די געזעצגעבער. ז. ***lobby***.

thir'ding *n.* (טהויר'-דינג) א דריטעל, א דריט-חלק; א דריטעל פון די פראדוקטען פון אן ארענדאטאר'ס פעלד, וועלכע א פריץ פלעגט אמאל בעקומען אין פאל פון דעם ארענדאטאר'ס טויט.

thir'dings *n.* (טהויר'-דינגז) א דריטעל פון די פראדוקטען פון דעם ארענדאטאר'ס פעלד, וועלכע א פריץ פלעגט אמאל בעקומען אין פאל פון דעם ארענדאטאר'ס טויט.

third'ly *adv.* (טהוירד'-לי) צום דריטען; דריטענס.

third per'son (טהוירד פויר'-סאן) אין גראמאטיק — די דריטע פערזאן [פון פירווערטער אדער צייטווערטער, ווי: ער, זי, זיי אדער געהט, שטעהן א. ז. וו.].

third pow'er (טהוירד פאו'-ער) אין מאטעמאטיק — די דריטע פאטענץ, קוב [ווי a^3, 2^3 א. ז. וו.]. ז. ***power***.

third'-rate *a.* (טהוירד'-רייט) פון דריטען גראד; פון א זעהר נידריגען גראד.

thirds *n.* (טהוירדז) דער דריט-חלק פון דעם מאן'ס בעוועגליכען אייגענטום, וואס אן אלמנה קריעגט, ווען דער מאן לאזט זי איבער מיט א קינד און שטארבט אהן א צואה; דער געזעצליכער דריט-חלק פון דעם מאן'ס אונבעוועגליכען אייגענטום, וואס בעלאנגט לעבענסלענגליך צו דער אלמנה.

thirds'man *n.* (טהוירדז'-מען) א פשרה-מאכער, א שיעדעס-ריכטער, א בורר.

thirst *n. and v.* (טהוירסט) דארשט; דארשטען, זיין דארשטיג; דארשטען נאך...

thirs'ter *n.* (טהוירס'-טער) א דארשטענדער.

thirs'tily *adv.* (טהוירס'-טי-לי) מיט דארשטיגקייט.

thirs'tiness *n.* (טהוירס'-טי-נעס) דארשטיגקייט.

thirst'less *a.* (טהוירסט'-לעס) וואס דארשטעט ניט.

thirs'ty *a.* (טהירס'-טי) דארשטיג; דארשטענד; אויסגעטריקענט.

thir'teen' *a. and n.* (טהיר'-טיען') דרייצעהן; די צאהל דרייצעהן; א דרייצעהנער [אזא פארצייטיגע אירלענדישע מטבע פון 13 פענס]; וואס בעשטעהט פון דרייצעהן.

thir'teen'er *n.* (טהויר'-טיענ'-ער) א דרייצעהנער [א פארצייטיגע אירלענדישע מטבע פון 13 פענס]; א דרייצעהנטער; די לעצטע, דרייצעהנטע קארט אין דער האנד [אין וויסט=שפיעל].

thir'teenth' *a. and n.* (טהויר'-טיענטה') דרייצעהנטער, דרייצעהנטע, דרייצעהנטעס; וואס איז א דרייצעהנטעל; א דרייצעהנטעל; אין מוזיק — די דרייצעהנטע נאטע פון א גאמא; א דרייצעהנטעל פון ארענדע=געלד אדער פון בעוועגליכען אייגענטום [אלס שטייער פארצייטענס אין ענגלאנד].

thir'tieth *a. and n.* (טהויר'-טי-עטה) דרייסיגסטער, דרייסיגסטע, דרייסיגסטעס; וואס איז א דרייסיגסטעל; א דרייסיגסטעל; א דרייסיגסטעל פון בעוועגליכען פערמעגען אדער פון ארענדע=געלד [אלס שטייער פארצייטענס אין ענגלאנד].

thir'ty *a. and n.* (טהויר'-טי) דרייסיג; די צאהל דרייסיג.

thir'tyfold *a.* (טהויר'-טי-פאולד) דריי=סיגפאך, וואס איז דרייסיג מאל אזוי פיעל.

Thir'ty-nine Ar'ticles (טהויר'-טי-נאין אר'-טיקלז) די ניין און דרייסיג "אני מאמין'ס" פון דער אנגליקאנישער קירך [אנגענומען אין 1562—3].

thir'ty-one' *n.* (טהויר'-טי-הוואן') איין=און=דרייסיג [אזא קארטען=שפיעל].

thir'tytwo'-mo *n.* (טהויר'-טי-טוה'-מאו) א בלאט וואס איז א צוויי=און=דרייסיגסטעל פון א בויגען [אבגעקירצט געשריבען: *32mo*].

this *a. and pr.* (טהיס) דיעזער, דיעזע, דיעזעס; דאס, דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע.

this day (טהיס דיי) היינט.

this done (טהיס דאן) נאכדעם ווי דאס איז געשעהען.

this one (טהיס הוואן) דיעזער, דיעזע, דיעזעס; דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע.

this'tle *n.* (טהיסל) די דיסטעל [אזא דארן=פלאנצע].



Thistle

this'tle-bird *n.* (טהיס'ל-בוירד) דער אמעריקאנישער שטיגליץ אדער גאלד=פינק. ז. *goldfinch*.

this'tle-crop'per *n.* (טהיס'ל-קראפ'-ער) אן עזעל, א הויז=עזעל.

this'tle-crown *n.* (טהיס'ל-קראון) אזא פארצייטיגע ענגלישע גאלדענע מטבע [מיט א פיגור פון א דיסטעל. ז: *thistle*].

this'tle-dol'lar *n.* (טהיס'ל-דאל'-אר) אזא פארצייטיגע שאטלענדישע זילבערנע מטבע [מיט א פיגור פון א דיסטעל. ז. *thistle*].

this'tle-finch *n.* (טהיס'ל-פינטש) א גאלד=פינק, א שטיגליץ. ז. *goldfinch*.

this'tle-merk *n.* (טהיס'ל-מוירק) אזא פארצייטיגע שאטלענדישע מטבע.

this'tly *a.* (טהיס'-לי) בעוואקסען מיט דיסטלען; עהנליך צו א דיסטעל; שטעכיג. ז. *thistle*.

thith'er *adv., a. and v.* (טהיטה'-ער) אהין, אהין=צו, דארטען; וואס געפינט זיך דארטען, וואס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט, וואס איז אהין=צו; געהן אהין.

thitherto' *adv.* (טהיטה-ער-טוה') ביז, ביז אהין, אזוי ווייט.

thith'erward *adv.* (טהיטה'-ער-הווארד) אהין=צו, צו יענעם ארט אדער פונקט, אין יענער ריכטונג.

thith'erwards *adv.* (טהיטה'-ער-הווארדז) ז. *thitherward*.

thlipsenceph'alus *n.* (טהליפ-סענ-סעפ'-ע-לאס) א פערזעהעניש, ביי וועלכען עס פעהלט דער אויבערשטער טייל פון שארבען.

thlip'sis *n.* (טהליפ'-סיס) די צוזאמענדריקונג פון בלוט=געפעס.

tho *c.* (טהאו) א פעראיינפאכונג פון ווארט *though*

tho' *c.* (טהאו) ז. *tho*.

thole *n.* (טהאול) א רודער=פלעקעל [א פלעקעל ביי דער זייט פון א שיפעל צום האלטען אין פלאץ די רודער לאפעטקעס ביים רודערען]; דער גריף פון דעם הענטעל פון א קאסע; א קיילעכדיגע געביידע, א קופאל, א דאם [ביי די פארצייטיגע גריכען און רוימער]; א געוועלבטע נישע [פערטיעפונג אין א וואנד] אין א טעמפעל.

thole'-pin *n.* (טהאול'-פין) א רודער=פלעקעל. ז. *thole*.

thol'obate *n.* (טהאל'-א-בייט) א קופאל=אונטערשפארע, דער פונדאמענט פון א קופאל אדער דאם.

tho'lus *n.* (טהאו'-לאס) אין דער קלאסישער ארכיטעקטור — א רונדע געביידע, א קופאל, א דאם.

Tho'maism *n.* (טאו'-מע-איזם) ז. *Thomism*.

Tho'mism *n.* (טאו'-מיזם) טאמיזם, די לעהרען פון הייליגען טאמאס פון אקווינא [געשטארבען אין יאהר 1274], איינער פון די בעריהמטעסטע פילאזאפען און רעליגיאנס=לעהרער פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט [טאמאס פון אקווינא האט בעגרינדעט די לעהרען פון דער קריסטליכער רעליגיאן אויף די יסודות פון אריסטאטעל'ס פילאזאפיע, האלטענדיג, אז אמונה און פילאזאפיע שטעהען ניט אין געגענזאץ איינע צו די אנדערע, נאר זיי הארמאנירען און געהען האנד ביי האנד].

Tho'mist *n. and a.* (טאו'-מיסט) א טאמיסט, אן אנהענגער פון די לעהרען פון טאמאס פון אקווינאס; טאמיסטיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו די טאמיסטען. ז. *Thomism*.

Thomis'tic *a.* (טא-מיס'-טיק) טאמיסטיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו די טאמיסטען. ז. *Thomism*.

Thomis'tical *a.* (טא-מיס'-טי-קעל) טאמיסטיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו טאמיסטען; שארף, חריפות'דיג, פלפול'דיג. ז. *Thomism*.

thom'sonite *n.* (טאמ'-סאנ-איט) טאמסאניט [א מין זעאליט]. ז. *zeolith*.

thong *n. and v.* (טהאהנג) א רימען; שמייסען [מיט א רימען].

tho'oid *a. and n.* (טהאו'-איד) וועלפיש, וואס איז עהנליך צו א וואלף, וואס בעלאנגט צו דער וועלף=גרופע פון חיות [ווי למשל, א הונד]; א חיה פון דער וועלף=גרופע.

Thor *n.* (טהאהר) טהאר [איינער פון די הויפט=געטער ביי די פארצייטיגע סקאנדינאוויער].

thora'ces *n.* (טהא-ריי'-סיעז) ברוסט=קאסטענס; ברוסט=שטיקער [ביי אינזעקטען]; ברוסט=פאנצערס. ז. *thorax*.

thorac'ic *a. and n.* (טהא-רעס'-איק) וואס איז שייך צו דער ברוסט אדער צום ברוסט=קאסטען; וואס איז פערבונדען מיט'ן ברוסט=קאסטען; וואס געפינט זיך ביי דער ברוסט אדער אין ברוסט=קאסטען; ברוסטיג, וואס האט רוקען=פלוס=פעדערען [וועגען פיש]; א ברוסט=שלאג=אדער; א ברוסט=נערוו; א ברוסט=טייל פון קערפער; א פיש מיט רוקען=פלוס=פעדערען.

thorac'ic ar'tery (טהא-רעס'-איק אר'-טע-רי) א ברוסט=ארטעריע, א ברוסט=שלאג=אדער.

thorac'ic re'gion (טהא-רעס'-איק רי'-דזשאן) דער ברוסט=טייל פון קערפער; א ברוסט=טייל.

thoracodid'ymus *n.* (טהא-ריי-קאו-דיד'-אי-מאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען, וועלכע זיינען צוזאמענגעוואקסען ביי דער ברוסט.

thoracogastrodid'ymus *n.* (טהא-ריי-קא-געס-טרא-דיד'-אי-מאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען, וועלכע זיינען צוזאמענגעוואקסען ביי דער ברוסט און ביים בויך.

thoracom'eter *n.* (טהאו-רע-קאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אויסברייטונג פון דער ברוסט ביים אטעמען.

thoracop'agus *n.* (טהאו-רע-קאפ'-ע-גאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען מיט איין ברוסט.

thoracot'omy *n.* (טהאו-רע-קאט'-א-מי) אן איינשניט אין דער ברוסט.

tho'rah *n.* (טאו'-רא) ז. *torah*.

tho'ral *a.* (טהאו'-רעל) וואס איז שייך צום הייראטס=בעט, וואס איז שייך צו הייראט; די ווענוס=ליניע [אויף דער דאלאניע].

tho'rax *n.* (טהאו'-רעקס) די ברוסט, דער ברוסט=קאסטען; דאס ברוסט=שטיק [ביי אינזעקטען]; א ברוסט=שילד, א ברוסט=פאנצער.

tho'ria *n.* (טהאו'-רי-א) טהאר=ערד אדער טהאריום=אקסיד, א פערבינדונג פון זויער=שטאף מיט טהאריום [אזא מעטאל].

tho'ric *a.* (טהאו'-ריק) וואס איז שייך צו טהאריום, וואס בעשטעהט פון טהאריום, וואס קומט פון טהאריום [אזא מעטאל].

thori'na *n.* (טהא-ראי'-נא) ז. *thoria*.

thori'num *n.* (טהא-ראי'-נאם) ז. *thorium*.

tho'rium *n.* (טהאו'-רי-אם) טהאריום [איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען, וועלכער בעלאנגט צו די מעטאלען].

thorn *n. and v.* (טהאהרן) א דארן, א דארן=פלאנצע, א שטאכעל, א שפיץ, א שטעכיגע אדער שפיציגע ארויסשטארצונג; עטוואס וואס ערגערט אדער בעאונרוהיגט; צוזאמעפעסטיגען מיט א דארן אדער שטאכעל.

thorn'-ap'ple *n.* (טהאחרנ'-עפ'ל) דער דארן־עפעל, דער שטעך־עפעל אדער סטראַ־מאניום [אזא גיפטיגע גרינע פלאנצע מיט ווייסע בליטהען און מיט א שטעכיגער פרוכט. ז. איל.]; דער ווייס־דארן [אזא פלאנצע]; די מעהל־בעערע [די פרוכט פון ווייס־דארן].

Thorn-apple

thorn'back *n.* (טהאהרנ'-בעק) דער דארן־רוקען [אזא פלאטשיגער פיש מיט שטאכלען אויף'ן רוקען און אויף'ן עק. ז. איל.]; דער ים־שפין אדער טייפעל־קרעבס [ז. *spider-crab*].

Thornback

thorn'back-ray *n.* (טהאהרנ'-בעק-ריי) דער דארן־רוקען. ז. *thornback*.

thorn'bill *n.* (טהאהרנ'-ביל) דער דארן־שנאבעל [אזא זיד־אמעריקאנישעס זשום־פויגעלע מיט א קורצען, שארפען שנאבעל]. ז. *humming-bird*.

thorn'-bird *n.* (טהאהרנ'-בוירד) דער דארן־פויגעל [אזא זיד־אמעריקאנישער פיעל־קאלירטער פויגעל וואס מאכט פאר זיך א נעסט פון דערנער און צווייגלעך].

thorn'-broom *n.* (טהאהרנ'-ברוהם) דער גונסטער [א מין דארן־פלאנצע]. ז. *furze*.

thorn'-bush *n.* (טהאהרנ'-בוש) א דארן־בוש, א דארן־קוסט.

thorn'-dev'il *n.* (טהאהרנ'-דעוו'ל) דער דארן־טייפעל [אזא יאשטשערקע בעדעקט מיט שטאכלען].

thorned *a.* (טהאהרנד) דערנדיג, דער־נערדיג, בעדעקט מיט דערנער, שטעכיג.

thor'nen *a.* (טהאהר'-נען) געמאכט פון דערנער.

thorn'-house *n.* (טהאהרנ'-האוס) א פלאץ צום אויסדאמפפען זאלץ־וואסער, וואו דאס וואסער טריפט דורך הויפענס בושעס אדער דערנער־פלאנצען.

thorn'less *a.* (טהאהרנ'-לעס) אהן דער־נער.

thorn'-swine *n.* (טהאהרנ'-סהוואין) א שטאכעל־שוויין, א יאזש. ז. *porcupine*.

thorn'tail *n.* (טהאהרנ'-טייל) דער דארן־עק [אזא זשום־פויגעלע מיט לאנגע שארפע עק־פעדערען]. ז. *humming-bird*.

thorn'-tailed *a.* (טהאהרנ'-טיילד) וואס האט שפיציגע שופען אויף'ן עק [וועגען יאשטשערקעס].

thor'ny *a.* (טהאהר'-ני) דערנערדיג; שפיציג, שטעכעדיג; שמערצליך; שוויע־ריג, מיהזאם.

thor'ough *a., prep., adv. and n.* (טהאר'-או) וואס געהט דורך, וואס געהט דורך און דורך; דורכדרינגענד; גרינדליך; פאלקאמען; דורך; עטוואס וואס געהט דורך [ווי א דורכגאנג, קאנאל, פערטיע־פונג א. ז. וו.].

thor'ough-bass *n.* (טהאר'-או-בייס) אין מוזיק — א גענעראל־באס [באס־נא־טען מיט צייכענס און ציפערען ביי זיי, אום אנצוצייגען די אקארדען]; א סיס־טעם פון צייכענס און ציפערען [אין מו־זיק]; הארמאניע, הארמאנישע מוזיקאלי־שע קאמפאזיציאן.

thor'ough-brace *n.* (טהאר'-או-בריים) א רימען וואס האלט אונטער דעם וואגען־קאסטען אדער וואגען־קויטש.

thor'ough-braced *a.* (טהאר'-או-בריים) בעפעסטיגט מיט רימענס אונטער דעם וואגען־קאסטען אדער וואגען־קויטש [וועגען וואגענס, קארעטען א. ז. וו.].

thor'oughbred *a. and n.* (טהאר'-א-ברעד) פון ריינעם בלוט, פון ריינער אב־שטאמונג, פון יחוס'דיגער אבשטאמונג [וועגען חיות און הויפטזעכליך וועגען פערד]; גוט ערצויגען, עלעגאנט; א חיה [ספעציעל א פערד] פון א ריינער אדער יחוס'דיגער אבשטאמונג; א גוט־ערצויגע־נער מענש; א יחסן.

thor'oughfare *n.* (טהאר'-א-פעהר) א דורכפאהר, א דורכגאנג; א וועג; א גאס.

thor'oughgoing *a.* (טהאר'-א-גאו-אינג) דורך און דורך, גרינדליך, פאלשטענ־דיג, ראדיקאל, עקסטרעם.

thor'oughly *adv.* (טהאר'-א-לי) דורך און דורך, גרינדליך, פאלשטענדיג, רא־דיקאל.

thor'oughness *n.* (טהאר'-א-נעס) פאלשטענדיגקייט; פאלקאמענהייט; גרינד־ליכקייט; דאס זיין דורך און דורך.

thor'ough-paced *a.* (טהאר'-או-פייסט) פאלקאמען אויסגעבילדעט, געשיקט צו אלע ארטען גאנג [וועגען פערד]; פאלקאם, פאלשטענדיג; וואס איז דורך און דורך.

thor'ough-pin *n.* (טהאר'-או-פין) אזא געשווילעכץ אין די קניע פון א פערד.

thor'ough-shot *n.* (טהאר'-או-שאט) ז. *thorough-pin*.

thor'ough-sped *a.* (טהאר'-או-ספעד) ז. *thorough-paced*.

thor'ough-stem *n.* (טהאר'-או-סטעם) ז. *thoroughwort*.

thor'oughwax *n.* (טהאר'-א-הוועקס) דאס רונד־בלעטערדיגע האזען־אויערעל [אזא פלאנצע]. ז. *hare's-ear*.

thor'oughwort *n.* (טהאר'-א-הוואירט) א מין וואסערדאסט־פלאנצע [ווערט גע־ברויכט אלס מעדיצינישער מיטעל].

thor'ow-leaf *n.* (טהאר'-או-ליעף) ז. *thoroughwax*.

thor'ow-wax *n.* (טהאר'-או-הוועקס) ז. *thoroughwax*.

thorp *n.* (טהאהרפ) א דערפעל.

thorps'man *n.* (טהאהרפס'-מען) א דארפסמאן, א ישוב'ניק.

those *a. and pr.* (טהאוז) די; יענע; דאזיגע. ז. *that*.

Thoth *n.* (טאוט) טאט [די פארצייטי־גע עגיפטישע געטהייט פון שפראך, שריפט, צייטרעכנונג און חכמה. פלעגט פארגעשטעלט ווערען מיט א קערפער פון א מענשען, מיט א קאפ פון אן איבים (אזא פויגעל) און אפט אויך מיט א לבנה אויף'ן קאפ].

thou *pr. and v.* (טהאו) דו; דוצען, רופען פער "דו".

though *c. and adv.* (טהאו) אבוואהל, כאטש, כאטש אפילו; אויב; דאך, ביים אלעם דעם, ניט קוקענדיג דארויף.

thought (טהאהט) געדענקט, געדאכט, געטראכט א. ז. וו. ז. *think*.

thought *n.* (טהאהט) 1. א געדאנק; דאס דענקען; נאכדענקונג; א בעגריף; פער־שטאנד, אינטעלעקט; 2. אן אבזיכט; 3. זארג, בעזארגטקייט; 4. א ביסעל, א קאפעטשקע.

2. I have some **thought** of going to Europe this season. 4. It is a **thought** too small to bother about.

though'ted *a.* (טהאה'-טעד) וואס האט [געוויסע] געדאנקען.

thought'-ex'ecuting *a.* (טהאהט'-עק'-סי-קיו-טינג) וואס ווירקט מיט דער שנעלקייט פון געדאנק.

thought'ful *a.* (טהאהט'-פול) נאכדענ־קענד; געדאנקענפול; איבערלעגט, פאר־זיכטיג; אויפמערקזאם, זארגזאם, זאר־גענד פאר... האבענדיג אין זינען; גי־טיג, מיט אויפמערקזאמקייט און זארג פאר אנדערע; בעזארגט, זארגענד.

thought'fully *adv.* (טהאהט'-פול-אי) מיט נאכדענקונג, מיט איבערלעגונג, מיט פארזיכטיגקייט; מיט אויפמערקזאמקייט, מיט פריינדליכקייט אדער גיטיגקייט.

thought'fulness *n.* (טהאהט'-פול-נעס) נאכדענקונג, דאס זיין פערזונקען אין גע־דאנקען, איבערלעגונג; זארגזאמקייט; אויפמערקזאמקייט; פארזיכטיגקייט; בע־זארגטקייט; גיטיגקייט.

thought'less *a.* (טהאהט'-לעס) געדאנ־קענלאז; ניט איבערלעגט, אונבעזאנען, זארגלאז.

thought'lessly *adv.* (טהאהט'-לעס-לי) אהן געדאנקען; אויף אן אונאיבערלעג־טען, אונבעזאננענעם אדער זארגלאזען אופן.

thought'lessness *n.* (טהאהט'-לעס-נעס) געדאנקענלאזיגקייט; אונאיבערלעגט־קייט, אונבעזאנענהייט, נאכלעסיגקייט, זארגלאזיגקייט.

thought'-rea'der *n.* (טהאהט'-ריע'-דער) א געדאנקען־לעזער; איינער וואס בעהויפטעט, אז ער קען לעזען א צוויי־טענס געדאנקען.

thought'-rea'ding *n.* (טהאהט'-ריע'-דינג) דאס געדאנקען־לעזען, דאס ארויס־לעזען א צווייטענס געדאנקען.

thoughts *n.* (טהאהטס) געדאנקען; שטימונג, לוינע, געמיטה.

thought'sick *a.* (טהאהט'-סיק) געדאנ־קען־קראנק, טרויעריג, בעזארגט.

thought'some *a.* (טהאהט-סם) ז. *thoughtful*.

thought'someness *n.* (טהאהט'-סאם-נעס) ז. *thoughtfulness*.

thought'-trans'fer *n.* (טהאהט'-טרענס'-פער) טעלעפאטיע [דאס איבער־געבען געדאנקען אויף א שטרעקע אהן פי־זישער בעריהרונג]. ז. *telepathy*.

thought′-trans′ference *n.* (טהאהט׳-טרענס׳-פער-ענס) ז. *thought-transfer*

thought′-transferen′tial *a.* (טהאהט׳-טרענס-פע-רענ׳-שעל) טעלעפאטיש. ז. *thought-transfer*

thought′-wave *n.* (טהאהט׳-הווייוו) א געדאנקען־כוואליע [די וועלענארטיגע בעוועגונג פון א פאנטאסטישען שטאף, וועלכע מאכט כלומר׳שט מעגליך די טעלעפאטיע אדער דאס איבערגעבען געדאנקען אויף א שטרעקע אהן פיזישער בעריהרונג].

tho′us *n.* (טהאו׳-אס) א מין אפריקאנישער שאקאל [אזא ווילדער הונד]. ז. *jackal*

thou′sand *a. and n.* (טהאו׳-זענד) טויזענד; א טויזענד; א מאס ליים וואס איז גענוג צו מאכען א טויזענד ציעגעל.

thou′sandfold *a.* (טהאו׳-זענד-פאולד) טויזענדפאך, טויזענד מאל אזוי פיעל.

thou′sand-legs *n.* (טהאו׳-זענד-לעגז) א טויזענד־פיסלער, א טויזענד־פיסיגער [אזא ווארים]. ז. *milleped*

thou′sandth *a. and n.* (טהאו׳-זענדטה) טויזענדסטער, טויזענדסטע, טויזענדסטעס; וואס איז א טויזענד־חלק; א טויזענד־חלק, א טויזענדסטעל.

thow′el *n.* (טהאו׳-על) ז. *thole*

thowl *n.* (טהאול) ז. *thole*

thral′dom *n.* (טהראהל׳-דאם) שקלאפעריי, קנעכטשאפט.

thrall *n., a. and v.* (טהראהל) א שקלאף, א קנעכט, א שקלאפין; א געפאנגענער, א געפאנגענע; פערשקלאפט; פערשקלאפען, פערקנעכטען.

thrall′er *n.* (טהראהל׳-ער) א פערשקלאפער.

thrall′ful *a.* (טהראהל׳-פול) פערשקלאפט, שקלאפיש.

thrap *v.* (טהרעפ) צוזאמענבינדען, ארומבינדען [מיט שיפס־שטריק].

thrash′er *n.* (טהרעש׳-ער) ז. *thresher*

thrash′er-shark *n.* (טהרעש׳-ער-שארק) ז. *thresher-shark*

thrash′ing *n.* (טהרעש׳-אינג) ז. *threshing*

thrash′ing-floor *n.* (טהרעש׳-אינג-פלאור) ז. *threshing-floor*

thrash′ing-machine′ *n.* (טהרעש׳-אינג-מע-שין׳) ז. *threshing-machine*

thrason′ical *a.* (טהרע-סאנ׳-אי-קעל) בעריהמעריש.

thrason′ically *adv.* (טהרע-סאנ׳-אי-קעל-אי) מיט בעריהמעריי.

thrave *n.* (טהרייוו) צוויי קופעס גארבען צו צוועלף יעדער; א צאהל פון צוויי טוץ [24]; א היבשע צאהל; א גארב, א סנאפ; א זשמעניע.

thread *n. and v.* (טהרעד) א פאדים [ווי פון ליין, זייד, וואל א. ד. ג.]; א פיבר, א פאזער, א פעדים־ארטיגע זאך; דער געווינט פון א שרויף; אין בערג־ארבייט — א דינער ערץ־אדער; זעהר א דינע ליניע אין א צייכנונג; דער פאדים, די ריכט־שנור, דער הויפט־געדאנק אדער די אידעע וואס ווערט דורכגעפיהרט אין א לעקציע, געשפרעך א. ד. ג.; א שפור, א סליאד; דער לעבענס־פאדים; אריינציהען א פאדים [ווי אין א נאדעל]; אנציהען [ווי פערעל] אויף א פאדים; דורכגעהן דורך עפעס [ווי דורך א שמאלען גאנג] מיט פארזיכטיגקייט; מאכען א געווינט [אויף א שרויף].

thread and nee′dle (טהרעד ענד ניעדל) ז. *thread-needle*

thread′bare *a.* (טהרעד׳-בעהר) אויסגעריבען, אבגעטראגען, אבגעניצט [וועגען קליידער].

thread′bareness *n.* (טהרעד׳-בעהר-נעס) אויסגעריבענקייט, אבגעטראגענקייט, אבגעניצטקייט.

thread′-car′rier *n.* (טהרעד׳-קער׳-אי-ער) אין א שטריק־מאשין — א העקעל, דורך וועלכען עס געהט דורך דער פאדים.

thread′-cut′ter *n.* (טהרעד׳-קאט׳-ער) אן אינסטרומענט אויסצושניידען די געווינטען אויף א שרויף; א פארריכטונג אין א נעה־מאשין איבערצוהאקען דעם פאדים.

thread′ed *a.* (טהרעד׳-עד) מיט א פאדים; מיט א געווינט [וועגען א שרויף].

thread′er *n.* (טהרעד׳-ער) א פארריכטונג אריינצוציהען א פאדים אין א נאדעל.

thread′-feath′er *n.* (טהרעד׳-פעטה׳-ער) א לאנגע דינע פעדער ווי א פאדים.

thread′-fin′isher *n.* (טהרעד׳-פינ׳-איש-ער) א מאשין צו רייניגען, מאכען גלאט און פאלירען ליין אדער באוועל־פאדים.

thread′-mark *n.* (טהרעד׳-מארק) זעהר א דינער און שטארקער פאדים וואס ווערט בענוצט אין דער פאבריקאציאן פון געלד־פאפיער.

thread′-nee′dle *n.* (טהרעד׳-ניע׳דל) אזא קינדער־שפיעל, וואו א צאהל קינדער שטעהען פארווייז איינער הינטער די אנדערע מיט אויפגעהויבענע און צוזאמענגעפאסטע הענד, אויסבילדענדיג א טהויער, דורך וועלכען די גאנצע רייה פארלעך דארף דורכגעהן.

thread of a discourse′ (טהרעד אוו ע דיס-קאורס׳) דער לייט־פאדים אדער לייט־מאטיוו פון א פארטראג אדער לעקציע.

thread′-pa′per *n.* (טהרעד׳-פיי׳-פער) א שמאלער פאס פון דינעם פאפיער, אין וועלכען מען וויקעלט איין א מאטאק פאדים.

thread′-shaped *a.* (טהרעד׳-שייפט) פאדים־ארטיג, פאדים־פערמיג.

thread′-the-nee′dle *n.* (טהרעד׳-טהי-ניע׳דל) ז. *thread-needle*

thread′worm *n.* (טהרעד׳-הוואירם) ז. *pinworm*

thread′y *a.* (טהרעד׳-אי) פעדימדיג; וואס בעשטעהט פון פעדים; בעדעקט מיט פעדים.

threat *n. and v.* (טהרעט) דאס סטראשען; א דראהונג, א סטראשונאק; דראהען, סטראשען.

threat′en *v.* (טהרעטן) דראהען, סטראשען.

threat′ener *n.* (טהרעט׳-נער) א דראהער, איינער וואס דראהט אדער סטראשעט.

threat′ening *n. and a.* (טהרעט׳-נינג) א דראהונג; א סטראשונאק; דראהענד, סטראשענד; וואס דראהעט, וואס סטראשעט מיט עפעס.

threat′eningly *adv.* (טהרעט׳-נינג-לי) מיט דראהונג; מיט א סטראשונאק; אויף א דראהענדען, סטראשענדען אופן.

threat′ful *a.* (טהרעט׳-פול) דראהענד, סטראשענד; מיט א דראהענדען אויסזעהן.

threat′fully *adv.* (טהרעט׳-פול-אי) מיט דראהונגען אדער סטראשונקעס.

threat′less *a.* (טהרעט׳-לעס) אהן דראהונגען; ניט סטראשענדיג.

threave *n.* (טהריעוו) ז. *thrave*

three *a. and n.* (טהריע) דריי; די צאהל דריי; די ציפער דריי; א דריטעל [אין קארטען].

three′-deck′er *n. and a.* (טהריע׳-דעק׳-ער) א קריעגס־שיף מיט דריי רייהען קאנאנען איינע איבער די אנדערע אויף דריי בעזונדערע דעקען; וואס האט דריי דעקען [וועגען געוויסע קריעגס־שיפען].

three′-dimen′sional *a.* (טהריע׳-די-מענ׳-שאנ-על) ז. *tridimensional*

three′-far′things *n.* (טהריע׳-פאר׳-טהינגז) א פארצייטיגע ענגלישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון דריי פארטינגס [1½ אמעריקאנער סענט].

three′fold *a., n. and adv.* (טהריע׳-פאולד) דרייפאך, דריי מאל אזוי פיעל; ביטער־גראז אדער וואכטע [אזא גראז מיט דרייפאכיגע בלעטער און ווייסע בליהונגען]; דרייפאכיג; אויף א דרייפאכיגער ארט.

three′-foot *a.* (טהריע׳-פוט) וואס איז דריי פוס לאנג; מיט דריי פיס.

three′-foot′ed *a.* (טהריע׳-פוט׳-עד) מיט דריי פיס.

three′-half′pence *n.* (טהריע׳-היי׳-פענס) א פארצייטיגע ענגלישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון דריי הייפענים [3 אמעריקאנער סענט].

three′-han′ded *a.* (טהריע׳-הענ׳-דעד) מיט דריי הענד; וואס איז געטהאן אדער געשפיעלט מיט דריי הענד אדער פון דריי פערזאנען.

three′-leaved *a.* (טהריע׳-ליעווד) דריי־בלעטערדיג; מיט דרייפאכיגע בלעטער [וועגען געוויסע פלאנצען].

three′-light *n.* (טהריע׳-לאיט) א לייכטער מיט דריי ליכט; א לאמפ מיט דריי ברענ־קנויטען.

three′-lobed *a.* (טהריע׳-לאובד) דריילאפיג; מיט דריי לאפען אדער לעפלעך [וועגען פלאנצען־בלעטער].

three′-man *a.* (טהריע׳-מען) וואס פאדערט דריי מענשען כדי אויסצופיהרען עס.

three′-mas′ted *a.* (טהריע׳-מעס׳-טעד) מיט דריי מאסטען [וועגען א שיף].

three′-mas′ter *n.* (טהריע׳-מעס׳-טער) א זעגעל־שיף מיט דריי מאסטען.

three′-nerved *a.* (טהריע׳-נוירווד) אין באטאניק — מיט דריי נערווען־עהנליכע פעדימלעך.

three′ness *n.* (טהריע׳-נעס) דרייאיגקייט.

three′-par′ted *a.* (טהריע׳-פאר׳-טעד) דריי־טייליג; צוטיילט אין דריי טיילען.

three′pence *n.* (טהריע׳-פענס) אן ענגלישע זילבערנע מטבע פון דריי פענים [6 אמעריקאנער סענט].

three′penny *a. and n.* (טהריע׳-פענ-אי) ווערטה דריי פענים; וועניג ווערטה, אונבעדייטענד, אונוויכטיג; א מטבע פון דריי פענים [6 אמעריקאנער סענט].

three′-ply *a.* (טהריע׳-פלאי) דרייפאכיג; אין דריי פאכען.

three′-quar′ter *a.* (טהריע׳-קהוואהר׳-טער) דריי־פיערטעלדיג; פון דריי־פיערטעל גרויס [וועגען א פארטרעט וואס איז גענומען בלויז ביז די היפטען].

three′-quar′ters *a.* (טהריע׳-קהוואהר׳-טערז) ז. *three-quarter*

three′-ribbed *a.* (טהריע׳-ריבד) ז. *three-nerved*

three′score *a.* (טהריע׳-סקאור) דריי מאל צוואנציג [זעכציג].

Three Sis′ters (the) (טהריע סיס׳-טערז) ז. *Fates*.

three′-square *a.* (טהריע׳-סקהוועהר) דריי=קאנטיג.

three times three (טהריע טאימז טהריע) א דרייפאכער הורא.

three′-valved *a.* (טהריע׳-וועלווד) אין באטאניק — וואס האט אדער וואס עפענט זיך מיט דריי ווענטילען [קלאפען].

thremmatol′ogy *n.* (טהרעמ-ע-טאל׳-א-דזשי) טרעממאטאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען פיה=צוכט און פלאנצען=צוכט.

threnet′ic *a.* (טהרי-נעט׳-איק) טרויעריג, פערקימערט.

threnet′ical *a.* (טהרי-נעט׳-אי-קעל) ז. *threnetic*.

thre′node *n.* (טהרי׳-נאוד) ז. *threnody*.

threno′dial *a.* (טהרי-נאו׳-די-על) עלעגיש; וואס איז שייך צו א קלאג=ליעד. ז. *threnody*.

threnod′ic *a.* (טהרי-נאד׳-איק) ז. *threnodial*.

thren′odist *n.* (טהרענ׳-א-דיסט) א שרייבער פון קלאג=ליעדער. ז. *threnody*.

thren′ody *n.* (טהרענ׳-א-די) א קלאג=ליעד; א ליעד וואס ווערט פערפאסט צו דער לויה פון א געוויסער פערזאן.

threpsol′ogy *n.* (טהרעפ-סאל׳-א-דזשי) טרעפסאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען דער נאהרונג פון א לעבעדיגען ארגאניזם.

thresh *v.* (טהרעש) דרעשען; קלאפען, שלאגען; הארעווען, זיך מאטערען איבער עפעס, ארבייטען מיט שוויים; זיך ווארפען, זיך שליידערען.

thresh about′ (טהרעש ע-באוט׳) זיך ווארפען, זיך שליידערען.

thresh′er *n.* (טהרעש׳-ער) א דרעשער; א דרעש=מאשין; דער ים=פוקס [א מין האי=פיש]; א מיטגליעד פון אן אירלענדיש=קאטוילישער ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1806 מיט דעם ציעל ניט צו צאהלען געוויסע שטייערען; א מין דראסעל [אזא פויגעל].

thresh′er-shark *n.* (טהרעש׳-ער-שארק) דער ים=פוקס [א מין האי=פיש].

thresh′ing *n.* (טהרעש׳-אינג) דאס דרעשען.

thresh′ing-floor *n.* (טהרעש׳-אינג-פלאור) דער גרונט, די פאדלאגע אדער דיל פון א שייער, אויף וועלכער מען דרעשט תבואה; א טויק, א דרעש=פלאץ.

thresh′ing-machine′ *n.* (טהרעש׳-אינג-מע-שין׳) א דרעש=מאשין.



Threshing-machine

thresh′ing-mill *n.* (טהרעש׳-אינג-מיל) ז. *threshing-machine*.

thresh′ing-place *n.* (טהרעש׳-אינג-פליים) ז. *threshing-floor*.

thresh′old *n.* (טהרעש׳-אלד) 1. א שוועל, א טהיר=שוועל; אן אריינגאנג, א טהיר; 2. דער אנפאנג פון עפעס.

2. He is now at the threshold of his argument.

threw (טהרוה) ז. *throw* געווארפען.

thrice *adv.* (טהראיס) דריי מאל; וויעדערהאלענד; פאלשטענדיג, גענצליך; מיט שטארקער בעטאנונג.

thri′fallow *v.* (טהראי׳-פעל-או) אויפאקערען א פעלד דאס דריטע מאל פאר׳ן זייהען.

thrift *n.* (טהריפט) שפארזאמקייט [אין ווירטשאפט], עקאנאמיע; א שפאר=קעסטעל [א קליין קעסטעל צו האלטען אבגעשפארטעס געלד]; די זאמד=נעלקע [אזא גראז, ז. *sea-gillyflower*].

thrift′-box *n.* (טהריפט׳-באקס) א שפאר=קעסטעל [א קליין קעסטעל צו האלטען אבגעשפארטעס געלד].

thrif′tily *adv.* (טהריפ׳-טי-לי) אויף א שפארזאמען, עקאנאמישען שטייגער; מיט אויסגערעכענטקייט, מיט פארזיכטיגקייט.

thrif′tiness *n.* (טהריפ׳-טי-נעס) שפארזאמקייט; עקאנאמיע [אין ווירטשאפט].

thrift′less *a.* (טהריפט׳-לעס) ניט שפארזאם, פערשווענדעריש.

thrift′lessly *adv.* (טהריפט׳-לעס-לי) אויף אן אונשפארזאמען שטייגער; פערשווענדעריש.

thrift′lessness *n.* (טהריפט׳-לעס-נעס) אונשפארזאמקייט; פערשווענדערישקייט.

thrif′ty *a.* (טהריפ׳-טי) מזל׳דיג, ערפאלגרייך; גוט=געהענד, בליהענד; מיט הצלחה; עקאנאמיש [אין ווירטשאפט].

thrill *v. and n.* (טהריל) דורכנעהמען [ווי מיט א שוידער]; דורכדרינגען מיט א פלוצליכען געפיהל [ווי פון פרייד, רחמנות א. ד. ג.]; שוידערען [ווי פון קעלט]; ציטערען, וויברירען; א שוידער, א ציטער; א ציטערענדע בעוועגונג; א טרעל [ווי פון א פויגעל].

thrill′ing *a.* (טהריל׳-אינג) דורכדרינגענד מיט א געוויסען געפיהל [ווי פון פרייד, טרויער א. ד. ג.]; וואס רופט ארויס א שוידער אדער ציטער.

thrill′ingly *adv.* (טהריל׳-אינג-לי) שוידערענדיג; דורך א ציטער.

thrip *n.* (טהריפ) א מטבע פון דריי פענים.

thrips *n.* (טהריפס) אן ארט פליגעלע, וואס ערנעהרט זיך פון די בלעטער פון געוויסע בוימלעך [ווי ווייןשטאקען].

thrive *v.* (טהראיוו) גליקען, האבען הצלחה; זיין ערפאלגרייך, בליהען, געדייהען, שטארק וואקסען.

thriv′en (טהריוון) אויסגעוואקסען, צוגעקומען [אין גרויס, אין רייכטום א. ד. ג.]. ז. *thrive*.

thri′ver *n.* (טהראי׳-ווער) א בעל=הצלחה; איינער וועמען עס געהט גוט.

thri′ving *a.* (טהראי׳-ווינג) מזל׳דיג, מיט הצלחה; ערפאלגרייך; געדייהענד, וואקסענד.

thri′vingly *adv.* (טהראי׳-ווינג-לי) מיט מזל, מיט הצלחה; אויף אן ערפאלגרייכען, בליהענדען אדער וואקסענדען שטייגער.

thri′vingness *n.* (טהראי׳-ווינג-נעס) גליק, מזל; הצלחה; געדייהונג.

thro (טהרוה) אבקירצונג פון *through*.

thro′ (טהרוה) ז. *thro*.

throat *n. and v.* (טהראוט) דער שלונד, די קעהל; דער גארגעל; דער האלז [איבערהויפט דער פאדערשטער טייל פון האלז]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שלונד אדער האלז; אויסשניידען ווי א רינע אדער קאנאל.

throat′-band *n.* (טהראוט׳-בענד) א האלז=באנד; דאס האלז=רימענדעל פון א צוים.

throa′ted *a.* (טהראו׳-טעד) מיט א האלז; מיט א שלונד, מיט א קעהל; מיט א גארגעל.

throa′ter *n.* (טהראו׳-טער) אזא מעסער וואס ווערט בענוצט צו שניידען די העלזער פון פיש; אן ארבייטער וואס ארבייט מיט אזא מעסער ביי דער צוריכטונג פון פיש.

throa′tiness *n.* (טהראו׳-טי-נעס) די אויסגעשטארצטקייט פון האלז; די גארגעלדיגקייט פון א שטימע אדער אויסשפראכע.

throat′-latch *n.* (טהראוט׳-לעטש) דאס האלז=רימענדעל פון א צוים.

throat′-pipe *n.* (טהראוט׳-פאיפ) די לופט=רעהר, דער גארגעל.

throat′wort *n.* (טהראוט׳-הוואירט) דאס האלז=קרויט [אזא בלומען=פלאנצע, וועלכע מען פלעגט אמאל בענוצען פאר האלז=שמערצען]; די גלאקען=בלום.

throa′ty *a.* (טהראו׳-טי) האלזיג, גארגעלדיג, אויסגעשפראכען ווי פון גארגעל; וואס האט א גרויסען שלונד; גיעריג, פרעסעריש.

throb *v. and n.* (טהראב) פולסירען, קלאפען, שלאגען [ווי דאס הארץ אדער דער פולס]; דאס שלאגען, דאס קלאפען פון הארץ אדער פון פולס.

throb′bing *a. and n.* (טהראב׳-אינג) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד; דאס שלאגען, דאס קלאפען פון הארץ אדער פולס.

throb′bingly *adv.* (טהראב׳-אינג-לי) פולסירענדיג, קלאפענדיג, שלאגענדיג [ווי דאס הארץ אדער דער פולס].

throe *n. and v.* (טהראו) וועהטאג, שמערץ; געבורטס=וועהען; די מאטערניש פון דער גסיסה; ליידען, זיך מאטערען אין דער גסיסה, גוסס׳ען.

thrombo′sis *n.* (טהראמ-באו׳-סיס) ז. *thrombus*.

throm′bus *n.* (טהראמ׳-באס) א בלוט=געשוואולסט, א פערגליווערונג פון בלוט אין אן אדער, וואס שטערט די בלוט=צירקולאציאן.

thro′nal *a.* (טהראו׳-נעל) וואס איז שייך צו א טהראן.

throne *n. and v.* (טהראון) א טהראן; די קעניגליכע מאכט אדער ווירדע; זעצען אויף׳ן טהראן.

throne′less *a.* (טהראונ׳-לעס) אהן א טהראן, אראבגעזעצט פון טהראן.

throng *n., v. and a.* (טהראהנג) א מחנה, א המון; א געזעמעל, א גרויסער עולם, א געדרענג; א גרויסע צאהל; זיך דרענגען, זיך שטופען; דרענגען; אנפאקען מיט מענשען; אנגעפאקט מיט מענשען; אנגעפילט, אנגעפאקט, אנגעשטאפט.

throp′ple *n.* (טהראפל) דער גארגעל, די לופט=רעהר.

thros′tle *n.* (טהראסל) די זינג=דראסעל [אזא זינג=פויגעל]; א שפין=מאשין.

thros′tle-frame *n.* (טהראס׳ל-פריים) א שפין=מאשין.

thros′tling *n.* (טהראס׳-לינג) האלז=ענטצינדונג אדער האלז=געשווילעכץ ביי בהמות.

throt′tle *n. and v.* (טהראטל) דער שלונד, דער האלז, די קעהל, דער גארגעל; א דראסעל=קלאפע, א דראסעל=ווענטיל [ז. *throttle-valve*]; זיך שטיקען, זיך

ווערגען; שטיקען, ווערגען; דערשטיקען, דערווערגען; פערהאלטען דורך א דראסעל־קלאפּע אדער דראסעל־ווענטיל [ווענען א דאמפּף־מאשין אדער א דאמפּף־רעהר]; אויסריידען מיט א פערשטיקטען קול; אטהעמען שווער, ווי פערשטיקט; זיך שטיקען, זיך ווערגען.

throt′tle-lev′er *n.* (טהראט׳ל־לעוו׳־ער) דאס הענטעל אדער דער הויבעל מיט וואס עס ווערט איינגעשטעלט דער דראסעל־ווענטיל [ז. *throttle-valve*] פון א דאמפּף־מאשין.

throt′tler *n.* (טהראט׳־לער) א שטיקער, א ווערגער.

throt′tle-valve *n.* (טהראט׳ל־וועלוו) א דראסעל־ווענטיל, א דראסעל־קלאפּע [א ווענטיל אדער קלאפּע אין דער דאמפּף־רעהר, וואס געהט פון דאמפּף־קעסעל צום דאמפּף־צילינדער, צום רעגולירען דעם דאמפּף־שטראם].

through *prep., adv., a. and n.* (טהרוה) דורך; דורך און דורך; אויס, פון, פאר, צוליעב; מיט דער הילף; וואס געהט דורך; א דורכגעהענדער שטיין, א שטיין אין א געביידע וואס געהט דורך און דורך.

through and through (טהרוה ענד טהרוה) דורך און דורך, פון אנהויב ביז׳ן סוף.

through bolt (טהרוה באולט) א דורכגעהענדער באלץ אדער שטיפט [א באלץ אדער שטיפט וואס געהט דורך און דורך].

To'ry *n. and a.* (טאו'-רי) א טארי, א מיטגליעד פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי אין ענגלאנד; אין דער אמעריקאנער געשיכטע — אן אנהענגער פון דער ענגלישער רעגיערונג אין די אמעריקאנער קאלאניעס אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן געגען ענגלאנד; א קאנסערוואטאר, א מאנארכיסט; וואס איז שייך צו א טארי.

to'ryism *n.* (טאו'-רי-איזם) טאריאיזם, די פרינציפען אדער מעטאדען פון די טארים. ז. *Tory*.

tos'ca *n.* (טאס'-קא) א מין ווייכער קאלך=שטיין פון דרום=אמעריקא.

toss *v. and n.* (טאס) ווארפען, שליידערען; א ווארף טהאן אין דער הויך, א שנאל טהאן, שנעלען; אומווארפען היין און צוריק, פאנאנדערשאקלען, טרייסלען; ברענגען אין אויפרעגונג, שטארק בעאונרוהיגען; שנעל אבטהאן עפעס; האסטיג אריינגיסען [א טרונק בראנפען]; זיך טרייסלען, זיך שאקלען; זיך ווארפען היין און הער, אריבערגעהן פון איין געגענשטאנד אויף א צווייטען [ווי אין א געשפרעך אדער ויכוח]; א ווארף, א שטויס, א שליידער, א טרייסעל; א שנעלער שאקעל מיט'ן קאפ; אן אויפרוהר, אן אויפרעגונג.

tos'sel *n.* (טאס'-על) ז. *torsel*.

toss'er *n.* (טאס'-ער) א ווארפער, א שליידערער.

tos'sicated *a.* (טאס'-אי-קיי-טעד) ז. *tosticated*.

toss'ily *adv.* (טאס'-אי-לי) מאכענדיג מיט'ן קאפ [אלס אן אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראכטונג].

toss'ing *n.* (טאס'-אינג) דאס טרייסלען, דאס אומווארפען היין און הער.

toss off (טאס אף) אויסטרינקען ביז'ן העק; אבשטופען [די צייט].

toss'-pot *n.* (טאס'-פאט) א טרינקער, א זויפער, א שכור.

toss up (טאס אפ) שנעל צוגרייטען [צום קאכען]; ווארפען אין דער הויך [א מטבע], שפיעלען אין קאפ און אדלער [מיט מטבעות].

toss'-up *n.* (טאס'-אפ) דאס ווארפען אין דער הויך א מטבע [ביים שפיעלען אין קאפ און אדלער]; א גלייכער שאנס צו געווינען.

toss'y *a.* (טאס'-אי) שאקלענד מיט'ן קאפ [אלס אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראכטונג].

tost (טאסט) געווארפען, געשליידערט, געשטויסען א. ז. וו. ז. *toss*.

tos'ticated *a.* (טאס'-טי-קיי-טעד) בעזויפען, שכור.

to'sy *a.* (טאו'-זי) וואליג, פון וואל; ווייך.

tot *n. and v.* (טאט) א קליין קינד; די גאנצע סומע, די גאנצע מאסע; א חבור, א סומע; צוזאמענרעכנען, צונויפ'חשבונ'ען.

to'tal *a., n. and v.* (טאו'-טעל) גאנץ; גענצליך, פול; טאטאל, פאלשטענדיג, אבסאלוט; די גאנצע סומע, דער סך=הכל; צוזאמענרעכנען, מאכען דעם סך הכל.

to'tal ab'stinence (טאו'-טעל עב'-סטי-נענס) א פאלשטענדיגעס אבהאלטען זיך פון טרינקען אדער שכור'ען.

to'tal amount' (טאו'-טעל עמאונט') דער פאלשטענדיגער אדער ענדליכער סך=הכל.

totalisa'tion *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *totalization*.

totalisa'tor *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-טאר) ז. *totalizator*.

to'talise *v.* (טאו'-טעל-איז) ז. *totalize*.

to'taliser *n.* (טאו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

total'ity *n.* (טא-טעל'-אי-טי) די גאנצע סומע, דאס גאנצע; די גאנצקייט; אין אסטראנאמיע — א פאלשטענדיגע פערפינסטערונג, א פאלשטענדיגע לקוי חמה אדער לקוי לבנה.

totaliza'tion *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען דעם סך=הכל.

totaliza'tor *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-טאר) א טאטאליזאטאר, אזא אפאראט וואס ווערט בענוצט אויף א וועט=לויף פון פערד, צו רעגיסטרירען דעם סך=הכל פון דעם וועט=געלד וואס איז איינגעלעגט געווארען אויף יעדען פערד.

to'talize *v.* (טאו'-טעל-איז) טאטאליזירען, אונטערפיהרען דעם סך הכל; בענוצען דעם טאטאליזאטאר [ז. *totalizator*].

to'talizer *n.* (טאו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

to'tally *adv.* (טאו'-טעל-אי) פאלשטענדיג, גענצליך, דורכאוס.

to'talness *n.* (טאו'-טעל-נעס) גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

tota'ra *n.* (טא-טא'-רא) די טאטארא, אזא בוים פון ניי=זעעלאנד מיט א רויטליכען זעהר גוטען האלץ.

tot'-book *n.* (טאט'-בוק) א בוך מיט איבונגען אין חשבונ'ען.

tote *v. and n.* (טאוט) טראגען, טראגען אויף זיך; שלעפען [געהילץ]; רעכענען; דאס גאנצע, די גאנצע צאהל; דאס הענטעל פון א סטאליאר'ס הובעל.

tote fair (טאוט פעהר) האנדלען אויפריכטיג, זיין עהרליך.

tote'-load *n.* (טאוט'-לאוד) אזוי פיעל ווי פיעל איינער קען טראגען.

to'tem *n.* (טאו'-טעם) א טאטעם [א נאטור-געגענשטאנד, הויפטזעכליך א חיה, וואס ווערט בעטראכט ביי ווילדע פעלקער אלס עמבלעם פון א שבט, פאמיליע אדער פערזאן און ווערט פערהייליגט ביי זיי]; א בילד פון א טאטעם [ווערט געוועהנליך געטראגען אויף די קליידער אדער ווערט געמאלען אויף דעם קערפער פון די מיטגליעדער פון דעם שבט אדער פאמיליע].

totem'ic *a.* (טא-טעמ'-איק) וואס איז שייך צו א טאטעם, בעצייכענט דורך א טאטעם, פון איין שבט אדער פאמיליע. ז. *totem*.

to'temism *n.* (טאו'-טעם-איזם) טאטעמיזם, געברויך פון טאטעמס, פערהייליגונג פון טאטעמס, רעליגיעזע צערעמאניעס אין פערבינדונג מיט טאטעמס; פעטישיזם. ז. *totem*.

to'temist *n.* (טאו'-טעם-איסט) איינער וואס איז בעצייכענט דורך א טאטעם; א מיטגליעד פון א ווילדען שבט אדער פאמיליע וואס איז פערבונדען מיט די אנדערע מיטגליעדער דורך אן אלגעמיינעם טאטעם אדער עמבלעם. ז. *totem*.

totemis'tic *a.* (טאו-טע-מיס'-טיק) ז. *totemic*.

to'tem post (טאו'-טעם פאוסט) א טאטעם-סלופ, א שטאנג אדער סלופ מיט אויסגעקריצטע טאטעמס. ז. *totem*.

to'temy *n.* (טאו'-טעמ-אי) ז. *totemism*.

tote'-road *n.* (טאוט'-ראוד) א וועג, איבער וועלכען עטוואס ווערט געטראגען אדער געשלעפט [ווי געהילץ].

to the halves (טו טהי האווז) לחצאין, אויף העלפט.

t'oth'er *pr.* (טאטה'-ער) א פעראייניפאכונג פון די ווערטער *the other* [אן אנדערער].

toth'er *pr.* (טאטה'-ער) ז. *t'other*.

tot'idem ver'bis (טאט'-אי-דעם וואיר'-ביס) אין דערזעלבער צאהל ווערטער, מיט דיעזעלבע ווערטער.

to'ties quo'ties (טאו'-שי-איז קהוואו'-שי-איז) איינס אזוי אפט ווי דאס אנדערע.

totipal'mate *a. and n.* (טאו-טי-פעל'-מייט) אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [וועגען די פיס פון פויגלען]; וואס די פיס זיינען ביי זיי אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [וועגען פויגלען]; א פויגעל, ביי וועלכען די פיס זיינען אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך.

totipalma'tion *n.* (טאו-טי-פעל-מיי'-שאן) פאלשטענדיגע בעוועבונג אדער בעדעקונג מיט שווים-הייטלעך [וועגען די פיס פון א פויגעל].

tot'itive *n.* (טאט'-אי-טיוו) א קלענערע צאהל וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכען טיילער [א צאהל, אויף וועלכער עס ווערט געטיילט] מיט אן אנדער צאהל, אויסער 1.

to'to cæ'lo (טאו'-טאו סיע'-לאו) דורך דעם גאנצען הימעל, ווייט פערשיעדען [ווי מזרח פון מערב], פאלשטענדיג ענטגעגענגעזעצט.

tot'-o'er-seas *n.* (טאט'-אור-סיעז) אזא פויגעל.

tot'ter *v.* (טאט'-ער) זיך וויעגען, זיך וואקלען, זיך טרייסלען; זיך שאקלען צום פאלען.

tot'terer *n.* (טאט'-ער-ער) איינער אדער עפעס וואס וואקעלט זיך, וויעגט זיך, שאקעלט זיך, טרייסעלט זיך אדער האלט ביים פאלען.

tot'tering *a.* (טאט'-ער-אינג) זיך וויעגענד, זיך וואקלענד, זיך שאקלענד; זיך שאקלענד צום פאלען.

tot'teringly *adv.* (טאט'-ער-אינג-לי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, זיך שאקלענדיג, האלטענדיג ביים פאלען, אונזיכער.

tot'tery *a.* (טאט'-ער-אי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, שאקעלדיג, אונזיכער.

tot'tlish *a.* (טאט'-ליש) שאקעלדיג, וואקעלדיג.

tot'ty *a.* (טאט'-אי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, אונזיכער, קאפ-שווינדלענד.

tou'can *n.* (טוה'-קען) א טוקאן אדער פעפער-פרעסער [אזא פויגעל מיט אן אונגעהויער גרויסען שנאבעל].

Toucan

Tou'can *n.* (טוה'-קען) אזא קליינע שטערן-גרופע וואס ווערט געזעהן פון דעם דרום'דיגען האלב-קוגעל פון דער ערד.

toucanet' *n.* (טוה-קע-נעט') אזא קליינער טוקאן. ז. *toucan*.

toucang' *n.* (טוה-קאנג') אזא שיפעל וואס ווערט געברויכט אין מאלאקא און אין סינגאפור [אין דרום-מזרח פון אזיען].

touch *v. and n.* (טאטש) 1. טאפען, פיהלען, אנריהרען; 2. קומען אין בעריהרונג, ברייגגען אין בעריהרונג; 3. קומען נאהענט, דערגרייכען ביז...; זיך פערגלייכען מיט...; 4. לייכט בעריהרען, פארבייגעהענדיג בעמערקען, לייכט פאריבערגעהן; 5. שעדיגען, בעלעסטיגען; 6. א שפיעל טהאן אויף אן אינסטרומענט; שפיעלען אויף אן אינסטרומענט; 7. ריהרען, ווירקען; 8. לייכט אנגרייפען; 9. לייכט צייכנען, אנווארפען, סקיצירען; רעטושירען; צוגעבען א שטריך דא און דארט ביים ארויסענדיגען; 10. האבען א שייכות; בעריהרען, אנגעהן; 11. נעניסען, פערזוכען [שפייז אדער געטרענקע]; 12. אנשטעקען דורך בעריהרונג, בעשעדיגען, פערפלעקען; 13. בעזוכען אדער זיך אבשטעלען פארבייגעהענדיג אדער פארבייפאהרענדיג; 14. קילען, זיך בעוועגען היין און הער [וועגען שיפס-זעגלען]; 15. טאפונג, פיהלונג, אנריהרונג; בעריהרונג; 16. א קורצער, לייכטער קלאנג; 17. אן אנווינקונג, אן אנדייטונג, א וואונק; 18. א שטריך; א פינזעל-שטריך [אין מאלעריי]; 19. א שאטירונג; א ביסעל; 20. א פלעק; 21. א לייכטער אנגריף אדער אנפאל פון א קראנקהייט; 22. א כאראקטער-שטריך; 23. געשיקטקייט, קינסטלערישע געשיקטקייט אדער ערפילונג; 24. א געוויסע סומע; 25. א פרוביר-שטיין; א פראבע, א פראבע-צייכען, א פראבע-שטעמפעל.

3. Nobody can **touch** him or come near him. 4. We hardly **touched** the subject in our conversation. 7. He is never **touched** by tears. 8. His pride was **touched** by my remarks. 13. On our journey we **touched** several towns. 19. There was a **touch** of humor in his remarks. 21. He has a **touch** of consumption. 23. The violinist has a remarkably fine **touch**.

touch'able *a.* (טאטש'-עבל) בעריהרבאר, וואס קען בעריהרט ווערען, וואס מען קען אנריהרען; וואס קען קומען אין בעריהרונג; וואס מען קען פיהלען אדער אנטאפען.

touch'ableness *n.* (טאטש'-עבל-נעס) בעריהרבארקייט, פיהלבארקייט.

touch and go (טאטש ענד גאו) לייכט בעריהרען פערבייגעהענדיג; זיך אויף א ווייל אבשטעלען; אנריהרען דעם באדען פערבייגעהענדיג [וועגען א שיף].

touch'-and-go' *a. and n.* (טאטש'-ענד-גאו') 1. וואס העננט אויף א האר, ריזיקאליש, אונזיכער; 2. אויבערפלעכליך, געמאכט אבי-ווי אדער אין איילעניש; 3. אן אונזיכערע לאגע, דאס הענגען אויף א האר.

2. The job was done in a **touch-and-go** manner.

touch'-bod'y *n.* (טאטש'-באד'-אי) ז. *touch-corpuscle*.

touch bot'tom (טאטש באט'-אם) אנריהרען דעם דעק; קומען ביז דער נידריגסטער שטופע [הויפטזעכליך וועגען א פרייז].

touch'-box *n.* (טאטש'-באקס) א קאסטען מיט צינד-מאטעריאל פאר די פארצייטיגע קאנאנען.

touch'-cor'puscle *n.* (טאטש'-קאהר'-פאסל) איי-פערמיגע קניילכלעך צו ענדע פון די פיהל-נערוועז, מיט דער הילף פון וועלכע מען פיהלט אדער מען טאפט אן.

touch'-down *n.* (טאטש'-דאון) אין פוס-באל-שפיעל — דאס דערגרייכען מיט'ן באל איבער דעם געגנער'ס ציעל.

touch el'bows (טאטש על'-באוז) זיין אין נאהענטע בעציהונגען, זיין אינטים.

touch'er *n.* (טאטש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס ריהרט אן; א געשיקטער בויגען-שיסער; איינער וואס טרעפט ריכטיג אין ציעל.

touch'-hole *n.* (טאטש'-האול) דאס צינד-לאך פון א שיס-געוועהר.

touch'ily *adv.* (טאטש'-אי-לי) אויף אן עמפפינדליכען, רייצבארען אופן; ווערענדיג לייכט אויפגערעגט; זיך לייכט בעליידיגענדיג, ציטעריג.

touch'iness *n.* (טאטש'-אי-נעס) רייצבארקייט, אויפרעגבארקייט; ציטעריגקייט; עמפפינדלכקייט; דאס ווערען לייכט אויפגערעגט אדער בעליידיגט.

touch'ing *a., n. and prep.* (טאטש'-אינג) 1. ריהרענד, פאטעטיש; 2. ריהרונג, אנריהרונג; פיהלונג, אנטאפונג; 3. אין בעצוג צו...

1. The father's departure was a **touching** scene. 2. **Touching** food with one's hands is improper. 3. I came to see you **touching** the sale of my lot.

touch'ingly *adv.* (טאטש'-אינג-לי) ריהרענד, פאטעטיש.

touch'ingness *n.* (טאטש'-אינג-נעס) דאס זיין ריהרענד, פאטעטישקייט.

touch'ing stuff (טאטש'-אינג סטאף) אזא רעטושיר-שטאף פאר גראוויר-פלאטען [צו פערשמירען די טונקעלע פלעצער].

touch'less *a.* (טאטש'-לעס) וואס האט ניט דעם חוש המשוש, וואס קען ניט אנטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג.

touch me not (טאטש מי נאט) ז. *touch-me-not*.

touch'-me-not *n.* (טאטש'-מי-נאט) ריהר-מיך-ניט-אן [אזא פלאנצע, וועמענס זאמען-קאפסולען ווערען צופלאצט, ווען

מען ריהרט זיי אן]; אזא הויט-אויסשלאג.
ז. ***noli-me-tangere***

Touch-me-not

touch'-nee'dle *n.* (טאטש'-ניע'דל) א פראביר-נאדעל, א פראביר-שטיפט [א מין נאדעל צום פראבירען גאלד].

touch on (טאטש אן) לייכט בעריהרען [א פראגע, א געגענשטאנד], פארביי-געהענדיג מאכען א בעמערקונג.

touch'-pa'per *n.* (טאטש'-פיי'-פער) צינד-פאפיער [פאפיער אנגעזאפט מיט סאלפעטער, וואס ברענט זעהר לאנגזאם און ווערט געברויכט צום אויפרייסען פולווער און אנדערע עקספלאדירענדע שטאפען].

touch'piece *n.* (טאטש'-פיעס) א מטבע אדער מעדאל וואס די פארצייטיגע ענג-לישע קעניגע פלעגען געבען צו שקראפעל-ליידענדע, ועמען זיי האבען אנגעריהרט [די קעניגליכע בעריהרונג איז בעטראכט געווארען אלס מיטעל געגען שקראפעל].
ז. ***king's evil***

touch'stone *n.* (טאטש'-סטאון) 1. א פראביר-שטיין [א מין דונקעלער שטיין צום פראבירען טייערע מעטאלען]; 2. א פראביר-מיטעל.
2. The use of other people's money is often the touchstone of honesty.

touch upon' (טאטש א-פאן')
ז. ***touch on***

touch'wood *n.* (טאטש'-הוואוד) צונטער, צונטער-האלץ, צוגעפוילטעס האלץ; דער פייער-שוואם [אזא שוואם].

touch'y *a.* (טאטש'-אי) רייצבאר, אויפ-רעגבאר, וואס ווערט לייכט אויפגערייצט אדער אויפגערעגט; וואס בעליידיגט זיך לייכט; ציטעריג; אין דעקאראציאנען — געמאכט פון פינטעלעך און געבראכענע לי-ניען.

tough *a.* and *n.* (טאף) 1. בויגזאם; 2. שטייף, הארט; 3. פעסט, שטארק; 4. פער'עקשנ'ט; ניט נאכגיעביג; 5. שוויע-ריג, מיהזאם, שווער; 6. גוואלטיג, בייז, שטרענג; 7. קלעפיג, ציהיג; א גראבער יונג, א יונגאטש, א פערדארבענער נפש.
1. A tough cudgel. 2. The meat was so tough that we could not cut it. 5. It was a tough job to persuade him. 6. He gave him a tough rebuke.

tough'-cake *n.* (טאפ'-קייק) גאר-קופער, ראפינירטער קופער.

tough'en *v.* (טאפן) שטייף ווערען, הארט ווערען; שטייף מאכען, הארט מאכען.

tough'ening *n.* (טאפ'-נינג) פערהאר-טונג, פערשטייפונג; קופער-ראפינירונג.

tough'ly *adv.* (טאפ'-לי) אויף א האר-טען, שטייפען שטייגער; מיט עקשנות; מיט גראבקייט; אויף א בייזען אדער שטרענגען שטייגער.

tough'ness *n.* (טאפ'-נעס) בויגזאמ-קייט; שטייפקייט, הארטקייט; קלעפעריג-קייט; שטארקייט; פעסטקייט; גראבקייט; בייזקייט; עקשנות, שווערקייט, שוויעריג-קייט, מיהזאמקייט.

toup *n.* (טוהפ) אזא זעגעל-שיף, וואס ווערט געברויכט פון די איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען.

toupee' *n.* (טוה-פיע') דאס טופעט, דאס שטערן-האר [א געקרויזטער לאקען אדער טשוב פון אייגענע אדער פאלשע האר, הויפטזעכליך אויף'ן שפיץ קאפ]; א פא-רוק מיט א טופעט; א ביסעל פאלשע האר צו פערדעקען א קליינעם פליך.

toupet' *n.* (טוה-פיי') א טופעט [ז. ***toupee***]; אזא סיניצע וואס האט א טשוב אויף'ן קעפעל [ז. ***titmouse***].

tour *n.* and *v.* (טוהר) א טור, א רייזע, א רונד-רייזע, א רונד-גאנג, א רייזע פון איין ארט צום צווייטען; אן ארבייטס-שיכט, אן אטשערעד, א רייה [אין ערפ-לען א פליכט]; מאכען א טור.

tourbil'lion *n.** (טוהר-ביל'-יאן) א פייער-ווירבעל, א ווירבעל-פייערווערק [אזא פייערווערק, וואס נעהמט אן די פארם פון א ספיראל-ארטיגען זייל].

tour de force (טוהר דע פאורס) א קונץ-שטיק פון קראפט אדער געשיקטקייט.

tour de maî'tre (טוהר דע מייטר) א געוויסע מעטאדע אין געברויכען ביי מע-נער דעם קאטעטער [אן אינסטרומענט צום אבציהען השתנה].

tour'ism *n.* (טוהר'-איזם) דאס פאהרען אויף א לוסט-רייזע.

tour'ist *n.* (טוהר'-איסט) א טוריסט, א רייזענדער, א לוסט-רייזענדער.

touris'tic *a.* (טו-ריס'-טיק) טוריסטיש, וואס איז שייך צו א טוריסט [לוסט-ריי-זענדען] אדער צו לוסט-רייזען.

tour'malin *n.* (טוהר'-מע-לין) דער טור-מאלין, אזא עדעלשטיין.
ז. איך. ***"Gems"***

tour'maline *n.* (טוהר'-מע-לין)
ז. ***tourmalin***

tour'nament *n.* (טוהר'-נע-מענט) א טורניר, א ריטערליכער וועט-קאמפף; א וועט-קאמפף צווישען רייטער, וועלכע דאר-פען אין פולען גאלאפ אנכאפען אויף זייער שפיזען א צאהל רינגען, וואס הענגען אי-בער זייער קאפ; א וועט-קאמפף [ווי פון שאך-שפיעלער].

tour'nay *n.* (טוהר'-ניי) אזא צייג וואס ווערט בענוצט צו בעשלאגען מעבעל.

tour'ney *n.* and *v.* (טוהר'-ני) א טור-ניר, א ריטערליכער וועט-קאמפף; נעהמען אנטייל אין א טורניר.

tour'niquet *n.* (טוהר'-ני-קעט) א טור-ניקעט, א כירורגישער אינסטרומענט וואס דריקט אויף א בלוט-אדער צו פערהאלטען א בלוט-פלוס.

tournure' *n.* (טוהר-ניור') א טורניר, א רונדעס קישעלע אונטער דעם קליידעל פון א פרוי, כדי צוצוגעבען די היפטען א רונ-דע פארם; דער קאנטור, די פיגור, דאס געשטאלט.

tou'sle *v.* (טאוזל) צושויבערען [די האר], ברייגען אין אונארדנונג [די קליידער].

tou'sy *a.* (טאו'-זי) מיט צוואוארפענע, צושויבערטע האר; ניט אין ארדנונג [ווע-גען די קליידער].

tout *v.* and *n.* (טאוט) נאכקוקען, אויס-שפיאנירען [בעזאנדערס נאכקוקען נאך וועט-לויף-פערד בעת מען דרעסירט זיי, כדי ארויסצוגעבען פאר איינעם וואס לעגט איין געלד אין געוועט, וועלכעס פערד איז בעסער]; זוכען אריינצוכאפען קונים אדער געסט אין א האטעל; איינער וואס שפיא-נירט נאך וועט-לויף-פערד; איינער וואס זוכט אריינצוכאפען קונים אין א קראם אדער געסט אין א האטעל.

tout ensem'ble (טוהט אנ-סאנ'בל) אלץ צוזאמען גענומען; דאס גאנצע.
The tout ensemble of the play was admirable.

tou'ter *n.* (טאו'-טער) איינער וואס זוכט אריינצוכאפען קונים אין א קראם אדער געסט אין א האטעל.

tow *v.* and *n.* (טאו) שלעפען, ציהען; שלעפען מיט א שטריק א שיף איבער'ן וואסער; דאס שלעפען, דאס ציהען [מיט א שטריק]; פאקולעס [דער גראבער אב-פאל פון פלאקס].

tow'age *n.* (טאו'-עדזש) דאס ציהען א שיף [מיט א שטריק]; געצאהלט פאר דעם ציהען א שיף איבער'ן וואסער.

tow'ard *prep.* and *a.* (טאו'-ארד) אין דער ריכטונג צו; צו, נאך; בנוגע צו; פאר; אלס א מיטעל פאר א געוויסען צוועק; נאהענט, ביי, נעבען, ארום; ווי-ליג צו טהאן עפעס, פאלגזאם, געהארכזאם.

tow'ardliness *n.* (טאו'-ארד-לי-נעס) ווילינקייט, פאלגזאמקייט, געהארכזאמקייט.

tow'ardly *a.* (טאו'-ארד-לי) ווילינג, פאלגזאם, געהארכזאם.

tow'ardness *n.* (טאו'-ארד-נעס)
ז. ***towardliness***

tow'ards *prep.* and *adv.* (טאו'-ארדז) צו, נאך; געגען; ביי, נאהענט.

tow'boat *n.* (טאו'-באוט) א שלעפ-שיף, א בוקסיר-שיף [א שיף וואס דיענט צו שלעפען אנדערע שיפען].

tow'el *n.* and *v.* (טאו'-על) א האנד-טוך; אזא טיש-טוך, מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר אין א קירך; אבווישען מיט א האנדטוך; בענוצען א האנדטוך; שלא-גען, אנבערבען די ביינער.

tow'el-horse *n.* (טאו'-על-האהרס) א געשטעל אויפצוהענגען א האנדטוך.

tow'eling *n.* (טאו'-על-אינג) מאטעריאל וואס ווערט געברויכט פאר האנד-טיכער; דאס אנשלאגען, דאס אנבערבען די ביי-נער.

tow'el-rack *n.* (טאו'-על-רעק)
ז. ***towel-horse***

tow'er *n.* and *v.* (טאו'-ער) א טורם, א ציטאדעל; אין מיליטער — פעסטונג, א הויכע בעוועגליכע הילצערנע געביידע, פון וועלכער מען פלעגט אמאל שטורמען פעסטונגען; א מין הויכער קאפ-שלייער, וואס פרויען פלעגען טראגען אין אמאליגע צייטען; זיך ערהויבען אין דער הויך ווי א טורם; פליהען אין א גלייכער ריכטונג ארויף [ווי געוויסע פויגלען].

tow'er-clock *n.* (טאו'-ער-קלאק) א טורם-זייגער, א גרויסער זייגער אין דער וואנד פון א הויכער עפענטליכער געביידע, ווי א טורם, א קירך א. ד. ג.

tow'ered *a.* (טאו'-ערד) מיט טורמס.

tow'ering *a.* and *n.* (טאו'-ער-אינג) הויך; ערהאבען, גרויס; דאס הויבען זיך אין דער הויך ווי א טורם; דאס פליהען אין א גראדער ליניע ארויף [וועגען א טויטליך-פערוואונדעטען פויגעל].

tow'er-mill *n.* (טאַו'–ער–מיל) א טורם־מיהל, א האָלענדישע ווינד־מיהל [אזא ווינד־מיהל, ביי וועלכער עס דרעהט זיך פון ווינד נור דער אויבערשטער טייל און ניט די גאַנצע געביידע].

Tow'er of Lon'don (טאַו'–ער אָוו לאָנ'–דאָן) די פעסטונג אין לאָנדאָן, וואס האט אמאל געדיענט אלס דער קעניגליכער פאלאץ, דערנאָך אלס טורמע פאר פאליטישע פערברעכער און איצט אלס ארסענטאל און קאזארמעס פאר סאלדאטען.

tow'er of si'lence (טאַו'–ער אָוו סאַי'–לענס) אזא רונדער טורם, וואו די פארסען [ז. *Parsee*] לעגען זייערע טויטע אום רויב־פייגלען זאלען אויפעסען זייער פלייש.

tow'er-owl *n.* (טאַו'–ער–אול) די טורם־אוילע [אזא נאכט־פויגעל, וועלכער מאכט געוועהנליך זיין נעסט אין א טורם].

tow'ery *a.* (טאַו'–ער–אי) הויך; דער־הויבען אין דער הויך ווי א טורם.

tow'head *n.* (טאַו'–העד) איינער וועמעס האר זיינען ווי פלאקס; איינער מיט קאלטענעוואטע האר ווי פאקולעס.

tow'-head'ed *a.* (טאַו'–העד'–עד) מיט קאלטענעוואטע האר ווי פאקולעס.

tow'ing *n.* (טאַו'–אינג) דאס בוקסירען, דאס שלעפען, דאס ציהען [ווי א בוקסיר־שיף]; דאס פאנאנדערנעהמען די האר אין קליינע בינטלעך אום זיי צו מאכען געקרויזט [ביים מאכען פארוקען, צעפ אדער אנדערע האר־ארבייט].

tow'ing-bitts *n.* (טאַו'–אינג–ביטס) די שטעהענדע קלעצער אויף א בוקסיר־שיף, אן וועלכע עס איז אנגעבונדען דער שטריק, וועלכער שלעפט א שיף, א פליט, א נעץ א. ד. ג.

tow'ing-bri'dle *n.* (טאַו'–אינג–בראַי'–דל) אן אייזערנער שטאנג, וואס איז פון ביידע זייטען צוגעשלאגען צום דעק פון א בוקסיר־שיף, מיט א האקען אדער קרוק אין מיטען, כדי אנצוהאלטען דעם שטריק, וואס שלעפט א שיף, א פליט א. ד. ג.

tow'ing-hook *n.* (טאַו'–אינג–הוק) דער האקען אדער קרוק אויף דעם אייזערנעם שטאנג פון א בוקסיר־שיף. ז. *towing-bridle*.

tow'ing-path *n.* (טאַו'–אינג–פעטה) א שלעפ־וועג, א ציה־שטעג [דער שטעג אויף'ן ברעג פון א טייך, איבער וועלכען מען שלעפט שיפען].

tow'ing-rope *n.* (טאַו'–אינג–ראופ) ז. *tow-line*.

to wit (טו וויט) נעמליך.

tow'-line *n.* (טאַו'–לאַין) א ציה־שטריק, א שלעפ־שטריק.

town *n.* and *a.* (טאַון) א שטאדט; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא— א שטאדט אהן בעזונדערע פריווילעגיען [אין געגענזאץ צו *city*, וואס בעדייטעט אן אינקארפארירטע שטאדט מיט ספעציעלע פריווילעגיען]; די שטאדטישע בעפעלקערונג; א שטאדט־געמיינדע; א שטאדט־בעצירק; שטאדטיש, וואס איז שייך צו א שטאדט.

town'-ad'jutant *n.* (טאַונ'–עדזש'–או–טענט) אין מיליטער — דער פלאץ־אדיוטאנט, אן אפיציער וואס דארף אויפהאלטען די דיסציפלין א. ד. ג.

town clerk (טאַון קלוירק) א בעאמטער וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די אפיציעלע דאקומענטען פון שטאדט.

town'-coun'cil *n.* (טאַונ'–קאַונ'–סיל) די מוניציפאליטעט פון א שטאדט [אין ענגלאנד].

town'-coun'cilor *n.* (טאַונ'–קאַונ'–סיל–אר) א מיטגליעד פון א מוניציפאליטעט [אין ענגלאנד].

town cri'er (טאַון קראַי'–ער) דער שטאדט־אויסרופער, איינער וואס פערעפענטליכט מודעות און ערקלערונגען.

town'folk *n.* (טאַונ'–פאוק) שטאדטישע לייט, שטאדטישע איינוואהנער.

town gate (טאַון גייט) א שטאדט־טויער, א בראם.

town hall (טאַון האהל) א שטאדט־זאל, א גרויסער זאל אדער געביידע, וואס בעלאנגט צו דער שטאדט און וואו עס ווערען אפט געהאלטען עפענטליכע פערזאמלונגען.

town house (טאַון האוס) דאס ראטה־הויז; א שטאדט־זאל; א שטאדט־געפענגניס, א שטאדט־טורמע; דאס הויז פאר ארימע, דער הקדש; א שטאדטישעס הויז [אין געגענזאץ צו א דארפישען].

tow'nish *a.* (טאַו'–ניש) שטעדטיש; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א שטאדט; וואס איז שייך צו א שטאדט.

town'land *n.* (טאַונ'–לענד) אין איר־לאנד — לאנד, וואס בעלאנגט צו א קירכען־בעצירק.

town'less *a.* (טאַונ'–לעס) אהן שטעדט.

town'let *n.* (טאַונ'–לעט) א קליין שטעדטעל.

town'-life *n.* (טאַונ'–לאַיף) דאס שטאדטישע לעבען.

town'-mee'ting *n.* (טאַונ'–מיע'–טינג) אין געוויסע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פאר־פערזאמלונג פון די שטאדט־בירגער, וואו זיי בעשפרעכען די פערשיעדענע שטאדט־ענינים.

towns'folk *n.* (טאַונז'–פאוק) ז. *townfolk*.

town'ship *n.* (טאַונ'–שיפ) א שטאדט־בעצירק, א שטאדט־געמיינדע; א טייל לאנד פון זעקס קוואדראט מיילען; אין ענגלאנד — דער דיסטריקט וואס בעלאנגט צו א שטאדט; אין אויסטראליען — א דארף.

towns'man *n.* (טאַונז'–מען) א שטאדטישער בירגער, א שטאדט־מאן; א מיט־בירגער, א לאנדסמאן פון דערזעלביגער שטאדט.

towns'people *n.* (טאַונז'–פיעפל) שטאדט־לייט.

town'-talk' *n.* (טאַונ'–טאהק') שטאדט־רייד, שטאדט־פלוידעריי, גערייד פון שטאדט.

town'-wall' *n.* (טאַונ'–וואהל') א וואנד וואס רינגעלט ארום א שטאדט.

town'ward *adv.* (טאַונ'–הווארד) אין דער ריכטונג צו דער שטאדט צו.

town'wards *adv.* (טאַונ'–הווארדז) ז. *townward*.

tow'ny *n.* (טאַו'–ני) דער שטאדט־מאן, דער שטאדט־בירגער [אן אויסדרוק ביי סטודענטען, ווען זיי רעדען וועגען א שטאדט־איינוואהנער, וועלכער האט ניט קיין שייכות צום אוניווערזיטעט, וואו זיי שטודירען].

tow'-path *n.* (טאַו'–פעטה) דער שטעג ביים ברעג פון א טייך אדער קאנאל, איבער וועלכען עס געהען די מענשען אדער בהמות וואס שלעפען א שיף.

tow'-rope *n.* (טאַו'–ראופ) ז. *tow-line*.

tow'-ship *n.* (טאַו'–שיפ) א שלעפ־שיף, א בוקסיר־שיף.

tow'sie *a.* (טאַו'–זי). ז. *tousy*.

tow'y *a.* (טאַו'–אי) וואס ענטהאלט אדער וואס איז ענליך צו פאקולעס [דער גראבער אבפאל פון פלאקס].

tow'zie *a.* (טאַו'–זי) ז. *tousy*.

toxane'mia *n.* (טאק–סע–ני'–מי–א) אנעמיא אדער בלוט־ארימקייט, וואס ווערט פעראורזאכט דורך דער ווירקונג פון גיפט.

toxe'mia *n.* (טאק–סי'–מי–א) בלוט־פערגיפטונג.

tox'ic *a.* (טאק'–סיק) גיפטיג; וואס איז שייך צו גיפט אדער סם; וואס איז פעראורזאכט דורך דער ווירקונג פון גיפט אדער סם.

tox'ical *a.* (טאק'–סי–קעל) ז. *toxic*.

tox'ically *adv.* (טאק'–סי–קעל–אי) דורך א גיפט, וואס רופט ארויס אן אויפרעגונג פון ארגאניזם; בנוגע צו טאקסיקאלאגיע [ז. *toxicology*].

tox'icant *a.* and *n.* (טאק'–סי–קענט) גיפטיג, וואס קען פערגיפטען; א גיפט, א סם.

toxice'mia *n.* (טאק–סי–סי'–מי–א) ז. *toxemia*.

toxic'ity *n.* (טאק–סיס'–אי–טי) פערגיפטונג.

Toxicoden'dron *n.* (טאק–סי–קא–דענ'–דראן) די גיפט־סומאכען [א מין גיפטיגע דרום־אפריקאנישע בוימלעך].

toxicoder'ma *n.* (טאק–סי–קא–דויר'–מא) ז. *toxicodermitis*.

toxicodermati'tis *n.* (טאק–סי–קא–דויר–מע–טאי'–טיס) ז. *toxicodermitis*.

toxicodermi'tis *n.* (טאק–סי–קא–דויר–מאי'–טיס) אן ענטצינדונג פון דער הויט דורך אן אויפרעגענדען גיפט.

tox'icoid *a.* (טאק'–סי–קאיד) ענליך צו גיפט אדער סם.

toxicolog'ical *a.* (טאק–סי–קא–לאדזש'–אי–קעל) וואס איז שייך צו טאקסיקאלאגיע. ז. *toxicology*.

toxicol'ogist *n.* (טאק–סי–קאל'–א–דזשיסט) א טאקסיקאלאגיסט, איינער וואס שטודירט דעם כאראקטער און די ווירקונג פון פערשיעדענע גיפטען.

toxicol'ogy *n.* (טאק–סי–קאל'–א–דזשי) טאקסיקאלאגיע, די גיפט־לעהרע, די לעהרע וועגען גיפט און פערגיפטונג.

toxicoma'nia *a.* (טאק–סי–קא–מיי'–ני–א) טאקסיקאמאניע, א קראנקהאפטע נייגונג צו גיפטיגע שטאפען.

toxico'sis *n.* (טאק–סי–קאו'–סיס) א כראנישע פערגיפטונג.

tox'in *n.* (טאק'–סין) טאקסין, א גיפטיגער שטאף וואס בעקומט זיך פון א פוילענדען קערפער.

tox'ine *n.* (טאק'–סין) ז. *toxin*.

toxipho'bia *n.* (טאק–סי–פאו'–בי–א) א משוגעת וואס דריקט זיך אויס אין א שטענדיגען שרעק פערגיפטעט צו ווערען.

toxoph'ilite *n.* and *a.* (טאק–סאפ'–אי–לאיט) א ליעבהאבער פון בויגען־שיסעריי; וואס איז שייך צו דער לעהרע אדער קונסט פון בויגען־שיסעריי.

toy *n.* and *v.* (טאי) א שפיעל־ווערק, א צאצקע; אן אונבעדייטענדע זאך, א קלייניגקייט; דאס צערטלען, דאס שפיעלען זיך; א לייכט שטיקעל טאנץ־מוזיק; א קליין הינטעלע; זיך שפיעלען; צערטלען, לאשטשען.

toy'-block *n.* (טאי'–בלאק) איינער פון

א צאהל קוביקעס אדער אנדערע העלצלעך, וואס דיענען אלס שפיעל-צייג פאר קינדער.

toy'-box *n.* (טאי'-באקס) א קעסטעל צו האלטען שפיעלצייג.

toy'-busi'ness *n.* (טאי'-ביז'-נעס) דער האנדעל מיט שפיעלצייג.

toy dog (טאי דאג) א שפיעל-הינטעל [זעהר א קליין הינטעל, וואס ווערט געהאלטען אין א הויז מעהר צו שפיעלען זיך אײדער פאר ניצליכער דיענסט].

toy'er *n.* (טאי'-ער) א שפיעלער; איינער וואס שפיעלט זיך; א שטיפער.

toy'ful *a.* (טאי'-פול) שפיעלעריש, שטיפעריש.

toy'ingly *adv.* (טאי'-אינג-לי) שפאסיג, שפיעלענדיג.

toy'ish *a.* (טאי'-איש) ווי א שפיעלצייג, קליין.

toy'ishly *adv.* (טאי'-איש-לי) שפיעלעריש; אויף א שפיעלערישען, שפאסיגען שטייגער.

toy'man *n.* (טאי'-מען) איינער וואס מאכט שפיעלצייג; א הענדלער מיט שפיעלצייג.

toy'-shop *n.* (טאי'-שאפ) א קראם פון שפילעצייג.

toy'some *a.* (טאי'-סאם) שפיעלעריש.

toy'-trade *n.* (טאי'-טרייד) ז. *toy-business*.

T-pipe *n.* (טי'-פאיפ) א רעהר אין דער פארם פון א **T**.

tra'bea *n.* (טריי'-בי-א) די טראבעא, אן אלט-רוימישעם שטאאטס-קלייד [פאר קעניגע, קאנסולען א. ז. וו.].

tra'beated *a.* (טריי'-בי-איי-טעד) אין ארכיטעקטור — וואס בעשטעהט פון א באלקען-סטרוקטור; וואס בעשטעהט פון א באלקען-געבוי.

trabea'tion *n.* (טריי-בי-איי'-שאן) אין ארכיטעקטור — א באלקען-סטרוקטור, א באלקען-געבוי.

trace *v. and n.* (טרייס) 1. צייכנען, סקיצירען; 2. מאכען א פלאן, אנווארפען א פלאן; 3. שרייבען; 4. קאלקירען, איבערצייכנען, נאכצייכנען, קאפירען אויף א דורכזיכטיגען פאפיער [אונטער וועלכען עס ווערט אונטערגעלעגט דער אריגינאל]; 5. נאכשפירען, נאכפאלגען נאך די שפורען; אויסגעפינען שפורען; נאכפאלגען טריט ביי טריט; 6. דורכגעהן; געהן, רייזען; 7. איינשפאנען [א פערד אין א וואגען]; 8. א שפור; א צייכען; 9. א ביסעל; 10. דער גרונד-פלאן פון א בעפעסטיגונגס-ווערק; 11. די פערצייכנונג פון אן אויטאמאטישען אפאראט; 12. א פאסטראמקע, א צוג-רימען [ביי א וואגען].

2. The president never deviated from his foreign policy which he **traced** in his inauguration speech. 3. The signature appeared to have been **traced** by a hand shaking with emotion. 4. The child **traced** the picture over and over again. 5. The detective **traced** the development of the plot. 6. He **traced** the alley up and down.

traceabil'ity *n.* (טריי-סע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט נאכגעשפירט צו ווערען, נאכגעפאלגט צו ווערען אדער אויסגעפונען צו ווערען; דאס קענען געצייכענט ווערען אדער נאכגעצייכענט ווערען.

tra'ceable *a.* (טריי'-סעבל) וואס קען נאכגעשפירט ווערען, וואס קען נאכגעפאלגט ווערען; וואס מען קען אויסגעפינען; וואס קען געצייכענט ווערען, וואס קען נאכגעצייכענט, קאפירט אדער קאלקירט ווערען [נאכגעצייכענט ווערען אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייווענד].

tra'ceableness *n.* (טריי'-סעבל-נעס) ז. *traceability*.

tra'ceably *adv.* (טריי'-סע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען נאכשפירען, נאכפאלגען אדער אויסגעפינען; אזוי אז מען זאל קענען צייכנען, סקיצירען אדער נאכצייכנען.

trace'-chain *n.* (טרייס'-טשיין) א קייט וואס דיענט אלס פאסטראמקע פון א געשפאן.

trace'-horse *n.* (טרייס'-האהרס) א פערד וואס איז געשפאנט ביי די זייטען [אין א געשפאן פון דריי אדער פיער פערד].

trace'less *a.* (טרייס'-לעס) שפורלאז, אהן שפורען.

trace'lessly *adv.* (טרייס'-לעס-לי) אהן א שפור.

trace'-mate *n.* (טרייס'-מייט) ז. *trace-horse*.

tra'cer *n.* (טריי'-סער) א נאכשפירער; אן אויסשפירער; א צייכנער; א קאפירער, א נאכצייכנער; א קאפיר-אינסטרומענט; א פאנטאגראף [אזא אינסטרומענט צום נאכצייכנען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו.]; אזא אינסטרומענט צום נאכפאלגען די ריכטונג פון א נערוו, אדער א. ז. וו.; איינער וואס האט די אויפגאבע צו זוכען פערלארענע זאכען [ווי למשל, פאסט-זאכען]; אן אויספארשונג וועגען פערלארענע זאכען [פון אן אייזענבאהן, פאסט-קאנטאר אדער טראנספארט-ביורא].

tra'ceried *a.* (טריי'-סער-איד) אין ארכיטעקטור — פערציערט מיט קרוזשעווע-עהנליכע בעציערונגען; בעדעקט מיט בלעטער-עהנליכע בעציערונגען.

tra'cery *n.* (טריי'-סער-אי) קרוזשעווע-עהנליכע בעציערונגען אויף געביידען [ז. איל.]; בלעטער-עהנליכע בעציערונגען; אזא שפיצען-ארבייט.

Tracery

tra'chea *n.* (טריי'-קי-א) די לופט-רעהר פון האלז, דער גארגעל; דער לופט-קאנאל אדער לופט-רעהר ביי אינזעקטען; דאס ספיראל-געפעס [אזא רעהר-עהנליכע עפנונג ביי פלאנצען].

tra'cheal *a.* (טריי'-קי-על) וואס איז שייך צום גארגעל; וואס איז שייך צום ספיראל-געפעס [ביי פלאנצען. ז. *trachea*].

trachea'lis *n.* (טריי-קי-איי'-ליס) א מוסקול אין דער לופט-רעהר פון האלז.

tra'chean *a.* (טריי'-קי-ען) וואס האט לופט-רעהרען; וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען; עהנליך צו א לופט-רעהר אדער גארגעל; וואס דיענט אלס גארגעל אדער לופט-רעהר.

tra'cheary *a. and n.* (טריי'-קי-ע-רי) וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען [וועגען געוויסע שפינען אדער שפינען-ארטיגע בעשעפענישען]; וואס איז שייך צו לופט-רעהרען; א שפין-עהנליכע בעשעפעניש וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען.

trachei'tis *n.* (טריי-קי-אי'-טיס) ז. *trachitis*.

trache'ocele *n.* (טרע-קיע'-א-סיעל) א גוליע, א זאב, א גוידער.

trache'oscopy *n.* (טרע-קיע'-א-סקאו-פי) א מעדיצינישע אונטערזוכונג פון דער לופט-רעהר [גארגעל].

trache'otome *n.* (טרע-קיע'-א-טאום) א כירורגישעם מעסער צו מאכען אן איינשניט אין דער לופט-רעהר.

tracheot'omy *n.* (טריי-קי-אט'-א-מי) די אויפשניידונג פון דער לופט-רעהר אין האלז [ביי אן אפעראציאן].

tracheot'omy-tube *n.* (טריי-קי-אט'-א-מי-טיוב) א רעהרעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין האלז נאך אן אפעראציאן אין דער לופט-רעהר, אום צו פערלייכטערען דאס אטעמען.

trachi'tis *n.* (טריי-קאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער לופט-רעהר אין האלז.

tracho'ma *n.* (טרע-קאו'-מא) טראכאמא [אזא אויגען-קראנקהייט].

trachom'atous *a.* (טרע-קאמ'-ע-טאס) אנגעשטעקט מיט טראכאמא [אזא אויגען-קראנקהייט]; וואס איז שייך צו טראכאמא.

trach'yte *n.* (טרעק'-איט) טראכיט [אזא העלער, שארסטקער וואולקאנישער שטיין].

trachyt'ic *a.* (טרע-קיט'-איק) טראכיטיש, פון טראכיט, וואס איז שייך צו טראכיט. ז. *trachyte*.

trach'ytoid *a.* (טרעק'-אי-טאיד) עהנליך צו טראכיט; וואס איז שייך צו טראכיט. ז. *trachyte*.

tra'cing *n.* (טריי'-סינג) צייכנונג, סקיצירונג; נאכצייכנונג, קאלקירונג, קאפירונג [פון א צייכנונג אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייוועגד]; נאכשפירונג, דאס נאכפאלגען נאך די שפורען; א וועג, א קורס, א ריכטונג; א נאכצייכנונג, א קאפיע פון א צייכנונג [נאכגעצייכענט אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייוועגד]; א פלאן.

tra'cing-cloth *n.* (טריי'-סינג-קלאהטה) קאלקיר-לייוועגד, פויז-לייוועגד [אזא דינער, גלאטער און דורכזיכטיגער לייוועגד-שטאף צו קאפירען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו.].

tra'cing-lin'en *n.* (טריי'-סינג-לינ'-ען) ז. *tracing-cloth*.

tra'cing-machine' *n.* (טריי'-סינג-מע-שין') א קאלקירונגס-אינסטרומענט [צום נאכקאפירען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו. אין א פערקלענערטען פארמאט].

tra'cing-pa'per *n.* (טריי'-סינג-פיי'-פער) אויל-פאפיער, פויז-פאפיער [דורכזיכטיגעס פאפיער צום קאפירען צייכנונגען].

tra'cing-thread *n.* (טריי'-סינג-טהרעד) א דיקער ראנד-פאדים אדער ראנד-נאהט אין שפיצען [קרוזשעווע].

tra'cing-wheel *n.* (טריי'-סינג-הוויעל) א קאפיר-רעדעל [אזא רעדעל מיט שפיציגע צייהנער ווי א שטופעל צום נאכקאפירען א צייכנונג, פלאן א. ז. וו. די צייכנונג ווערט אויסגעשטאכען מיט'ן רעדעל אויף דעם קאפיר-פאפיער].

track *n. and v.* (טרעק) א שפור; א

קאלעע, א וועג, א שטעג; דער גאנג, די ריכטונג; אין זאאלאגיע — דער פוס-זויל; נאכשפירען, נאכפאלגען נאך די שפורען; אויסגעפינען [לויט די שפורען]; דורכגעהן, דורכלעגען א וועג; שלעפען א שיף מיט שטריק; געהן אין א געוויסער ריכטונג, זיך האלטען אין א בעשטימטער קאלעע.

track'age *n.* (טרעק'-עדזש) דאס שלעפען א שיף מיט שטריק; אייזענבאהן-קאלעען.

track'age con'tract (טרעק'-עדזש קאנ'-טרעקט) אן אבמאך צווישען אייזענבאהן-געזעלשאפטען, אז איינע זאל קענען געברויכען דער צווייטערס ליניען.

track'-athlet'ics *n.* (טרעק'-עטה-לעט'-איקס) אטלעטישע שפיעלען וואס האבען צו טהאן מיט דיסטאנץ [ווי לויפען, רייטען, פאהרען אויף וועלאסיפעדען א. ז. וו.].

track'-boat *n.* (טרעק'-באוט) א קאנאל-שיף; א שיף וואס ווערט געצויגען מיט א שטריק.

track'-brake *n.* (טרעק'-ברייק) א רעלסען-ברעמזע, א ברעמזע [טארמאז] ביי אייזענבאהנען אדער טראמוואיען, וואס ווערט אראבגעלאזען ניט אויף די רעדער נאר אויף די רעלסען.

track'-chart *n.* (טרעק'-טשארט) א מאפע אדער קארטע וואס צייגט די ריכטונג פון א שיף אויף'ן ים.

track'-clear'er *n.* (טרעק'-קליער'-ער) א קאלעען-רייניגער [א פארריכטונג ביי גאסען-וואגאנען אדער לאקאמאטיווען ריין צו מאכען די קאלעע פון אנגעווארפענע זאכען]; אזא ברעט ביי א שנייד-מאשין צו מאכען א וועג פאר דער מאשין און צוצובויגען די זאנגען צום שנייד-מעסער.

track'-edge *n.* (טרעק'-עדזש) דער ברעג פון דעם איינשניט אין א מיהל-שטיין.

track'er *n.* (טרעק'-ער) א פיהרער, א וועג-ווייזער; איינער וואס געפינט א וועג; א שיפס-שלעפער [איינער וואס שלעפט א שיף מיט שטריק]; א נאכשפירער, איינער וואס פאלגט נאך די שפורען אדער געפינט אויס נאך די שפורען; א נאכפאלגער.

track'-hound *n.* (טרעק'-האונד) א שפיר-הונד.

track'-in'dicator *n.* (טרעק'-אינ'-די-קיי-טאר) אזא אפאראט אויף אן אייזענבאהן-וואגאן, וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דעם צושטאנד פון דער אייזענבאהן-קאלעע.

track'-lay'er *n.* (טרעק'-ליי'-ער) איינער וואס לעגט אויס אן אייזענבאהן-קאלעע.

track'less *a.* (טרעק'-לעס) אונבעטראטען, אהן שפורען, אהן פוס-שפורען, אהן וועגען און שטעגען.

track'lessly *adv.* (טרעק'-לעס-לי) שפורלאז, ניט איבערלאזענדיג קיין פוס-שפורען.

track'lessness *n.* (טרעק'-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין וועגען און שטעגען.

track'man *n.* (טרעק'-מען) אן אייזענבאהן-אנגעשטעלטער וואס פאסט אויף אויף דער אייזענבאהן-קאלעע.

track'master *n.* (טרעק'-מעס-טער) א קאלעען-אויפזעהער [אן אייזענבאהן-בעאמטער, וואס האט די אויפזיכט איבער די קאלעען].

track'-rai'ser *n.* (טרעק'-ריי'-זער) אן אינסטרומענט אונטערצוהויבען איינגעזונקענע שיענעס [רעלסען].

track'-road *n.* (טרעק'-ראוד) ז. *tow-path*.

track'-scout *n.* (טרעק'-סקאוט) א טרעקשוט, א קאנאל-שיף [וואס מען שלעפט מיט שטריק]. ז. *trekschuit*.

track'-walk'er *n.* (טרעק'-הוואהק'-ער) אן אייזענבאהן-אנגעשטעלטער וואס אונטערזוכט און מאכט צורעכט א געוויסען טייל פון דער אייזענבאהן-קאלעע [הויפטזעכליך פאר'ן אנקומען פון א שנעלצוג].

track'way *n.* (טרעק'-הוויי) ז. *tramway*.

tract *n.* (טרעקט) א טראקט; א שטרעקע, א שטח; א משך; א בעפעדערטער פלאץ [ביי פויגלען]; א קורצער טראקטאט, אבהאנדלונג אדער מאמר; א בראשורע וועגען א רעליגיעזען ענין; אזא קירכען-געזאנג פון די הייליגע שריפטען, הויפטזעכליך פון תהלים.

tractabil'ity *n.* (טרעק-טע-ביל'-אי-טי) נאכגעביגקייט, געהארכזאמקייט; דאס לאזען זיך פיהרען אדער קאנטראלירען; לייכטקייט צו בעארבייטען.

trac'table *a.* (טרעק'-טעבל) געהארכזאם, נאכגעביג; וואס לאזט זיך פיהרען אדער קאנטראלירען; וואס לאזט זיך בעארבייטען.

trac'tableness *n.* (טרעק'-טעבל-נעס) ז. *tractability*.

trac'tably *adv.* (טרעק'-טע-בלי) מיט נאכגעביגקייט, מיט געהארכזאמקייט; זיך לאזענדיג פיהרען אדער קאנטראלירען; לייכט צו בעארבייטען.

Tracta'rian *a. and n.* (טרעק-טיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו די טראקטאריאנער אדער צום טראקטאריאניזם; א טראקטאריאנער, א פרעדיגער אדער פערברייטער פון טראקטאריאניזם. ז. *Tractarianism*.

Tracta'rianism *n.* (טרעק-טיי'-רי-ענ-איזם) טראקטאריאניזם [א בעוועגונג אין דער אנגליקאנישער קירך צווישען די יאהרען 1833 און 1841, וואס האט געשטרעבט מעהר אדער ווייניגער צוריק צו ברייננען די קירך צום קאטוליציזם].

trac'tate *n.* (טרעק'-טייט) א טראקטאט, א קורצע אבהאנדלונג, א מאמר.

trac'tile *a.* (טרעק'-טיל) וואס ציהט זיך, וואס לאזט זיך אויסציהען, ציהעדיג.

tractil'ity *n.* (טרעק-טיל'-אי-טי) ציהעדיגקייט, פעהיגקייט אויסגעצויגען צו ווערען.

The tractility of silver is inferior to that of gold.

trac'tion *n.* (טרעק'-שאן) דאס ציהען, ציהונג; דאס שלעפען; צוזאמענציהונג [ווי פון א מוסקול]; שפאנונג; צוציהונג.

trac'tional *a.* (טרעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו ציהונג, שלעפונג אדער שפאנונג.

trac'tion-en'gine *n.* (טרעק'-שאנ-ענ'-דזשין) א צוג-מאשין [א שלעפ-מאשין אדער לאקאמאטיוו וואס געהט ניט אויף רעלסען].

trac'tive *a.* (טרעק'-טיוו) ציהענד; שלעפענד.

tract'let *n.* (טרעקט'-לעט) א קליינער טראקט; א קליינער טראקטאט. ז. *tract*.

trac'tor *n.* (טרעק'-טאר) א ציהער, א ציה-אינסטרומענט, אן אינסטרומענט צום ציהען.

trac'tus *n.* (טרעק'-טאס) אין אנאטאמיע — א שטח, א שטרעקע; אזא קירכען-געזאנג פון די הייליגע שריפטען, הויפטזעכליך פון תהלים.

trade *n., a. and v.* (טרייד) א בעשעפטיגונג; א פאך; א פראפעסיאן; א האנדווערק, א מלאכה; האנדעל; א געשעפט; געשעפטס-לייט, פאך-לייט [פון א געוויסען האנדעלס-צווייג אדער פאך]; א ווינד וואס בלאזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג. ז. *trade-wind*]; וואס איז שייך צו האנדעל, צו א מלאכה אדער פאך; האנדלען.

trade dol'lar (טרייד דאל'-אר) אזא זילבערנער דאלאר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס איז ארויסגעלאזען געווארען אין יאהר 1873 און איז בעשטימט געווארען בלויז פאר'ן האנדעל מיט כינא און יאפאן.

trade'ful *a.* (טרייד'-פול) שטארק בעשעפטיגט מיט האנדעל.

trade'-hall *n.* (טרייד'-האהל) א פערזאמלונגס-זאל פאר סוחרים, פאבריקאנטען א. ז. וו.

trade'-last *v.* (טרייד'-לעסט) זיך בייטען מיט קאמפלימענטען אדער איבערגעבען א קאמפלימענט וואס אן אנדערער האט איהם געגעבען אונטער די אויגען [אין דער סטודענטען-שפראך].

trade'-mark *n.* (טרייד'-מארק) א טרייד-מארק אדער שוץ-מארקע [א ספעציעלער צייכען אויף סחורות, א פירמע-צייכען].

trade'master *n.* (טרייד'-מעס-טער) א האנדווערק-לעהרער, איינער וואס לערענט קינדער א מלאכה.

trade'-name *n.* (טרייד'-ניים) א האנדעלס-נאמען [א ספעציעלער נאמען פון אן ארטיקעל געברויכט אין האנדעל].

trade on (טרייד אן) אויסנוצען עפעס פאר אייגענע אינטערעסען.

The politician trades on the feelings of the masses.

trade'-pa'per *n.* (טרייד'-פיי'-פער) א פאך-צייטונג [א צייטונג וואס איז געווידמעט די אינטערעסען פון א ספעציעלען פאך, מלאכה אדער פראפעסיאן].

trade price (טרייד פראיס) דער אנגרא-פרייז, דער הורטאווער פרייז.

tra'der *n.* (טריי'-דער) א סוחר, א הענדלער; א האנדעלס-שיף [וואס איז בעשעפטיגט ביי א ספעציעלען האנדעלס-פאך].

trade sale (טרייד סייל) אן אויקציאן-אויספערקויף וואס פאבריקאנטען אדער ביכער-פערלעגער מאכען פאר קרעמער.

trade'-school *n.* (טרייד'-סקוהל) א האנדווערק-שול.

trades'folk *n.* (טריידז'-פאוק) האנדעלס-לייט; האנדווערקער, בעלי מלאכה.

trades'man *n.* (טריידז'-מען) א האנדעלס-מאן, א קרעמער, א הענדלער; א בעל-מלאכה.

trades'people *n.* (טריידז'-פיעפל) ז. *tradesfolk*.

trades'-u'nion *n.* (טריידז'-יו'-ניאן) ז. *trade-union*.

trades'-u'nionism *n.* (טריידז'-יו'-ניאנ-איזם) ז. *trade-unionism*.

trades'-u'nionist *n.* (טריידז'-יו'-ניאנ-איסט) ז. *trade-unionist*.

trades'-waste *n.* (טריידז'-הווייסט) פאבריק-אבפאל; פאבריקאציאנס-אבפאל.

trades'woman *n.* (טריידז'-הוואומ-ען) א קרעמערין, א הענדלערין; א האנדווערקערין.

trade'-u'nion *n.* (טרייד'-יו'-ניאן) א טרייד=יוניאן, א געווערקשאפטס=פעראיין, א פראפעסיאנעלער פעראיין [א פעראייניגונג פון ארבייטער פון א געוויסען פאך אדער אינדוסטריע, אום מיט פעראייניגטע קרעפטען, דורך שטרייקס און קאלעקטיווע אבמאכען מיט די ארבייטס=געבער צו פערבעסערען זייער עקאנאמישע לאגע און די ארבייטס=בעדינגונגען, ווי למשל: פערקירצען די ארבייטס=שטונדען, פערגרעסערען די שכירות, איינפיהרען סאניטארישע בעדינגונגען אין די פאבריקען א. ז. וו.].

trade'-u'nionism *n.* (טרייד'-יו'-ניאנ-איזם) טרייד=יוניאניזם, די פרינציפען און טהעטיגקייט פון געווערקשאפטען אדער פראפעסיאנעלע ארבייטער=פעראייניגונגען; די טרייד=יוניאנס בכלל.

trade'-u'nionist *n.* (טרייד'-יו'-ניאנ-איסט) א טרייד=יוניאניסט, א מיטגליעד פון א געווערקשאפט אדער פראפעסיאנעלען פעראיין, אן אנהענגער פון טרייד=יוניאניזם. ז. *trade-union*.

trade'-wind *n.* (טרייד'-הווינד) א ווינד וואס בלאזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג; א פאסאט=ווינד, א מוסאן [אזא ווינד אין די געגענדען ביים עקוואטאר, וואס בלאזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג].

tra'ding *a.* (טריי'-דינג) האנדלענד, וואס האנדעלט; קארופט, וואס פערקויפט זיך, וואס לאזט זיך אונטערקויפען.

tra'ding-stamp *n.* (טריי'-דינג-סטעמפ) א ראבאט=מארקע, א פרעמיום=מארקע [א מארקע אדער צייגנים וואס א קונה קריעגט אלס פרעמיום, ווען ער קויפט עפעס און קען פאר איהר נאכדעם בעקומען אומזיסט געוויסע ארטיקלען].

tradiom'eter *n.* (טריי-די-אמ'-ע-טער) א מין דינאמאמעטער אדער קראפט מעסטער [אן אפאראט צו בעשטימען די קראפט וואס פאדערט זיך צום שלעפען א וואגען, א פלוג, א שנייד=מאשין א. ז. וו.].

tradi'tion *n. and v.* (טרע-דיש'-אן) א טראדיציאן [אן אנגענומענער מנהג, גלויבען אדער מיינונג, וואס איז איבערגעגעבען געווארען פון פריהעריגע צייטען אדער דורות]; איבערליפערונג, איבערגעבונג [אויף א געזעצליכען אופן]; דאס איבערגעבען בקבלה; דאס איבערגעבען מיינונגען, גלויבענס אדער מנהגים פון דור צו דור; א מסורה, א קבלה; א מינדליכע איבערגעבונג; עטוואס וואס ווערט איבערגעגעבען פון דור צו דור בעל פה; איבערגעבען אלס טראדיציאן אדער קבלה.

tradi'tional *a.* (טרע-דיש'-אנ-על) טראדיציאנעל, וואס איז געבויט אויף א טראדיציאן; וואס איז איבערגעגאנגען בקבלה; וואס בעשטעהט פון טראדיציאנען; קאנווענציאנעל, וואס האלט זיך אן טראדיציאנען אדער אנגענומענע אלטע מנהגים.

tradi'tionalism *n.* (טרע-דיש'-אנ-על-איזם) טראדיציאנאליזם, דאס האלטען זיך אן טראדיציאנען אדער גלויבענס וואס זיינען איבערגעגאנגען בקבלה; דער גלויבען אין קירכליכע טראדיציאנען אדער מינדליכע איבערגעבונגען.

tradi'tionalist *n.* (טרע-דיש'-אנ-על-איסט) א טראדיציאנאליסט, אן אנהענגער פון טראדיציאנען אדער פון מינדליכער איבערגעבונג אין רעליגיאן; איינער וואס נעהמט אן די טראדיציאנעלע אויסטייטשונג פון דער ביבעל.

traditionalis'tic *a.* (טרע-דיש-אנ-ע-ליס'-טיק) זיך האלטענד אן טראדיציאנען; וואס איז שייך צום גלויבען אין רעליגיעזע מינדליכע איבערגעבונגען אדער אין זאכען וואס זיינען איבערגעגאנגען בקבלה.

tradi'tionally *adv.* (טרע-דיש'-אנ-על-אי) טראדיציאנעל; דורך איבערגעבונגען פון דור צו דור; לויט דער טראדיציאן, לויט דעם אנגענומענעם גלויבען, מנהג אדער מיינונג וואס איז איבערגעגאנגען בקבלה.

tradi'tionarily *adv.* (טרע-דיש'-אנ-ע-רי-לי) אויף א טראדיציאנעלען אופן, בעשטעהענדיג פון טראדיציאנען. ז. *tradition*.

tradi'tionary *n. and a.* (טרע-דיש'-אנ-ע-רי) איינער וואס האלט זיך אן טראדיציאנען אדער אן זאכען וואס זיינען איבערגעגאנגען בקבלה; טראדיציאנעל. ז. *traditional*.

tradi'tioner *n.* (טרע-דיש'-אנ-ער) ז. *traditionist*.

tradi'tionist *n.* (טרע-דיש'-אנ-איסט) איינער וואס האלט זיך אן טראדיציאנען אדער אן זאכען וואס זיינען איבערגעגאנגען בקבלה; איינער וואס האלט זיך אן אלטע אנגענומענע גלויבענס, מיינונגען אדער מנהגים.

Tradi'tion Sun'day (טרע-דיש'-אן סאנ'-דיי) דער זונטאג פאר דער קריסטליכער פאסכא. ז. *Palm Sunday*.

trad'itive *a.* (טרעד'-אי-טיוו) ז. *traditional*.

trad'itor *n.* (טרעד'-אי-טאר) א פעררעטהער [ביי די ערשטע קריסטען — א קריסט וואס האט בעת די פערפאלגונגען אויף קריסטען איבערגעגעבען צו די רעגיערונגס=בעאמטע די הייליגע קירכליכע זאכען אדער די נעמען פון זיינע גלויבענס=גענאסען].

traduce' *v.* (טרע-דיוס') פערלוימדען.

traduce'ment *n.* (טרע-דיוס'-מענט) פערלוימדונג.

tradu'cent *a.* (טרע-דיו'-סענט) פערלוימדעריש, פערלוימדענד.

tradu'cer *n.* (טרע-דיו'-סער) א פערלוימדער, א בעל לשון=הרע.

tradu'cian *n.* (טרע-דיו'-שיען) אין טעאלאגיע — איינער וואס גלויבט, אז די נשמה ווערט געבארען צוזאמען מיט'ן קערפער און אויף'ן זעלבען אופן ווי דער קערפער און ווערט ניט געשאפען בעזונדער פאר יעדען מענשען.

tradu'cianism *n.* (טרע-דיו'-שיענ-איזם) אין טעאלאגיע — די לעהרע, אז די נשמה ווערט געבארען צוזאמען מיט'ן קערפער און אויף דעמזעלבען שטייגער ווי דער קערפער און ווערט ניט געשאפען פאר יעדען מענשען בעזונדער.

tradu'cianist *n.* (טרע-דיו'-שיענ-איסט) ז. *traducian*.

tradu'cible *a.* (טרע-דיו'-סיבל) וואס קען פערלוימדעט ווערען.

tradu'cingly *adv.* (טרע-דיו'-סינג-לי) פערלוימדענדיג, מיט פערלוימדונג, דורך פערלוימדונג.

traduc'tion *n.* (טרע-דאק'-שאן) איבערטראגונג, איבערליפערונג; אין טעאלאגיע — דאס געבעהרען די נשמה אויף'ן זעלבינען שטייגער ווי עס ווערט געבארען דער קערפער [ז. *traducianism*].

traduc'tive *a.* (טרע-דאק'-טיוו) ארויסגעדרונגען.

traf'fic *n. and v.* (טרעפ'-איק) האנדעל; פערקעהר; האנדעלס=פערקעהר; אייזענבאהן=פערקעהר; שיפס=פערקעהר; פאסאזשירען=פערקעהר; האנדלען; פיהרען געשעפטען; פערהאנדלען, פיהרען פערהאנדלונגען.

traf'ficker *n.* (טרעפ'-איק-ער) א סוחר, א קויפמאן, א האנדעלסמאן.

traf'ficless *a.* (טרעפ'-איק-לעס) אהן פערקעהר, אהן האנדעלס=פערקעהר.

traf'fic-man'ager *n.* (טרעפ'-איק-מענ'-עדזש-ער) א בעטריעבס=דירעקטאר, א פערקעהרס=אינספעקטאר [אויף אייזענבאהנען, קאנאלען א. ז. וו.].

traf'fic-return' *n.* (טרעפ'-איק-רי-טוירנ') א פערקעהרס=בעריכט [א פעריאדישער בעריכט וועגען האנדעלס=פערקעהר און פאסאזשירען=פערקעהר, ווי אויף אן אייזענבאהן=ליניע, אויף א קאנאל א. ז. וו.].

traf'fic-ta'ker *n.* (טרעפ'-איק-טיי'-קער) אן אנגעשטעלטער אויף אן אייזענבאהן, ביי א שיפס=קאמפאניע א. ז. וו., וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער טראנספארטאציאן.

trag'acanth *n.* (טרעג'-ע-קענטה) טראגאקאנט אדער טראגאנט [אזא גומי=בוימעל]; טראגאנט אדער טראגאנט=גומי.

tragacan'tha *n.* (טרעג-ע-קענ'-טהא) טראגאנט אדער טראגאנט=גומי. ז. *tragacanth*.

tra'gal *a.* (טריי'-געל) וואס איז שייך צום קליינעם אויער=לעפעלע. ז. *tragus*.

trage'dian *n.* (טרע-דזשי'-די-ען) א טראגיקער [אן אקטיאר וואס שפיעלט טראגעדיעס]; אן אקטיאר; א טראגעדיען=פערפאסער.

trage'dienne *n.* (טרע-דזשי'-די-ען) א טראגעדין, א טראגישע שוישפיעלערין, אן אקטריסע וואס שפיעלט אין א טראגעדיע.

trag'edy *n.* (טרעדזש'-ע-די) א טראגעדיע, א טרויער=שפיעל [א דראמאטישעס ווערק מיט א טרויעריגער ענדע, אין וועלכען דער העלד אדער די העלדען לעבען דורך א רייהע שטארקע ליידען]; א טרויעריגע פאסירונג, אן אונגליק.

Trag'edy *n.* (טרעדזש'-ע-די) די פערזאניפיצירטע טראגעדיע, מעלפאמענע, די מוזע אדער די געטין פון דער טראגעדיע.

tra'gi *n.* (טריי'-דזשאי) די קליינע אויער=לעפעלעך. ז. *tragus*.

trag'ic *a. and n.* (טרעדזש'-איק) טראגיש; טרויעריג; שרעקליך, הארצרייסענד; וואס האט דעם כאראקטער פון א טראגעדיע; וואס איז שייך צו א טראגעדיע; א טראגעדיען=שרייבער; א טראגעדיע.

trag'ical *a.* (טרעדזש'-אי-קעל) טראגיש, טרויעריג, שרעקליך, הארצרייסענד; וואס האט דעם כאראקטער פון א טראגעדיע; וואס איז שייך צו א טראגעדיע.

trag'ically *adv.* (טרעדזש'-אי-קעל-אי) אויף א טראגישען, טרויעריגען אדער הארצרייסענדען אופן.

trag'icalness *n.* (טרעדזש'-אי-קעל-נעס) טראגישקייט, טרויעריגקייט.

tragicom'edy *n.* (טרעדזש-אי-קאמ'-ע-די) א טראגי=קאמעדיע [א דראמאטישעס ווערק וואס איז געמישט פון טרויעריגע און קאמישע סצענעס].

tragicom'ic *a.* (טרעדזש-אי-קאמ'-איק) טראגי=קאמיש, טרויעריג און לעכערליך; וואס בעשטעהט פון קאמישע און טרויעריגע סצענעס; וואס איז שייך צו א טראגי=קאמעדיע.

tragicom'ical *a.* (טרעדזש׳-אי-קאמ׳-אי-קעל) ז. *tragicomic*.

tragicom'ically *adv.* (טרעדזש-אי-קאמ׳-אי-קעל-אי) אויף א טראגי־קאמישען אופן; אויף א האלב־טרויעריגען האלב־קאמישען שטייגער.

trag'opan *n.* (טרעג׳-א-פען) דער הארנדיגער פאזאן [אזא פאזאן מיט הארן־עהנליכע אנוואקסונגען אויף׳ן קאפ]. ז. *pheasant*.

Trag'ulus *n.* (טרעג׳-יו-לאס) א מין קליינע אזיאטישע הירשען.

tra'gus *n.* (טריי׳-גאס) דאס קליינע לעפעלע פון אויער [די קליינע ארויסשטארצונג ביי דעם חלל פון אויער פון דער באק־זייט].

trail *n. and v.* (טרייל) א טייל וואס שלעפט זיך נאך פון הינטען; א שלעפע פון א קלייד; אן עק; דער עק פון א קאמעט; די שפור [סליאד] וואס עס בלייבט ווען מען שלעפט עטוואס אויף דער ערד אדער אויף וועלכער עס איז פלעכע; אן אויסגעטרעטענע שפור אדער שטעג; א שפור פון עטוואס; אזא ארכיטעקטור־פערציערונג פון בלעטער און בלומען; שלעפען; נאכשלעפען; טראגען די ביקס אין באלאנס מיט דער רעכטער האנד אזוי דאס דער קאלבען בעריהרט כמעט די ערד; אויסטרעטען א וועג; נאכיאגען חיות נאך דער שפור פון זייערע פיס; געהן נאך דער שפור; זיך נאכשלעפען ווי א שלעפע פון א קלייד; זיך שלעפען; קריכען, געהן זעהר לאנגזאם; קריכען אדער שלעפען זיך אויף דער ערד [וועגען פלאנצען].

T-rail *n.* (טי׳-רייל) א שינע אדער רעלסע וואס איהר קווער־שניט האט די פארם פון א **T**.

trail'-board *n.* (טרייל׳-באורד) דאס שניצווערק פון דעם ראנד פון א שיף וואס פאנגט זיך אן פון די פערציערונגען פון דעם פאדערשטען שפיץ פון דער שיף.

trail'-car *n.* (טרייל׳-קאר) א טראמוואי־וואגאן, וואס האט אליין ניט קיין מאטאר נאר ווערט צוגעטשעפעט צו אן אנדער וואגאן.

trai'ler *n.* (טריי׳-לער) א קריכענדע אדער קלעטערענדע פלאנצע; איינער אדער עטוואס וואס שלעפט זיך; עטוואס וואס שלעפט זיך נאך; א קורצער שפיציגער שטאב, וואס שלעפט זיך נאך פון דעם הינטערשטען אקס פון א וואגען און וואס ווערט בענוצט אבצושטעלען דעם וואגען פאהרענדיג אויף משופע׳דיגע בערג; אזא אלטמאדישעס שיפעל וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען צו פאנגען פיש; א טראמוואי־וואגאן, וואס ווערט צוגעטשעפעט צו אן אנדער וואגאן; איינער וואס טרעט אויס א וועג; איינער וואס יאגט זיך נאך די שפורען פון א חיה.

trai'ling *a. and n.* (טריי׳-לינג) זיך שלעפענד; קריכענד [וועגען פלאנצען]; דאס פאנגען פיש מיט א שלעפ־נעץ אדער שאר־נעץ [ז. *trawling*].

trai'ling ar'butus (טריי׳-לינג אר׳-ביו-טאס) אזא אמעריקאנישע אראמאטישע קריכענדע אדער קלעטערענדע פלאנצע.

trai'ling ax'le (טריי׳-לינג עקסל) דער הינטערשטער אקס פון א לאקאמאטיוו.

trai'ling-spring *n.* (טריי׳-לינג-ספרינג) די פרושינע, וועלכע ווערט ארויפגעטהאן אויף דעם הינטער־אקס פון א לאקאמאטיוו כדי אבצושוואכען דאס קלאפען פון די הינטערשטע רעדער.

trai'ling-wheel *n.* (טריי׳-לינג-הוויעל) א הינטער־ראד פון א וואגען; איינער פון די צוויי שטיץ־רעדער אויף דעם הינטערשטען אקס פון א לאקאמאטיוו.

trail'-net *n.* (טרייל׳-נעט) א שלעפ־נעץ. ז. *drag-net*.

trai'ly *a.* (טריי׳-לי) שלומפערדיג.

train *n. and v.* (טריין) א צוג, אן אייזענבאהן־צוג; דער טייל וואס שלעפט זיך נאך פון הינטען; דער הינטערשטער טייל; א שלעפע פון א קלייד; אן עק; דער עק פון א קאמעט; דער עק פון א פויגעל; א בעגלייטונג, א סוויטע; א סעריע, א רייהע; די רעדער און שפינדעל פון א מעכאניזם דורך וועלכע די בעוועגונג ווערט איבערגעגעבען [ווי די רעדלעך פון א זייגער א. ד. ג.]; א סעריע אדער רייהע וואלצען וואס ווערען געברויכט צו וואלצען מעטאל; א צוג אדער רייהע פערד, קעמלען, עזלען א. ד. ג.; א צינד־ליניע אדער א צינדער פאר א מינע; א פראצעסיאן אדער א קאמפאניע וואס געהט אין ארדנונג; א פאסענדע ארדנונג אדער איינריכטונג; אזא שליטען אין קאנאדא צו פיהרען האלץ אדער אנדערע משא; עטוואס וואס ווערט בענוצט צו ציהען אדער צו פערפיהרען; אן אנלאקונג; א פערפיהרונג; ציהען, שלעפען; צוציהען, אנלאקען, פערפיהרען, ארייננארען; ערציהען, איינלערנען, איינאיבען; דרעסירען [אויסלערנען הינט, פערד א. ז. וו. פערשיעדענע קונצשטיק]; אויסריכטען, צוגרייטען; ציעלען, אנשטעלען אין ציעל; זיך איינאיבען, זיך איינלערנען; פאהרען מיט דער באהן; זיך חבר׳ען, זיין אין נאהנטע בעציהונגען.

trai'nable *a.* (טריי׳-נעבל) וואס קען ערצויגען ווערען, וואס קען אויסגעלערענט ווערען, וואס קען דרעסירט ווערען, וואס קען איינגעאיבט ווערען.

train'-band *n.* (טריין׳-בענד) א קאמפאניע בירגער־מיליץ [פרייוויליגע סאלדאטען].

train'-bear'er *n.* (טריין׳-בעהר׳-ער) א שלעפען־טרעגער [איינער וואס טראגט נאך די שלעפע פון א קלייד, ווי פון א קעניגין, פירסטין א. ד. ג.].

train'-boy *n.* (טריין׳-באי) א פערקויפער פון צייטונגען, זשורנאלען, קאנפעקטען א. ד. ג. אויף אייזענבאהן־ציגע.

train'-despatch'er *n.* (טריין׳-דעס-פעטש׳-ער) א בעאמטער וואס פערטיילט די אייזענבאהן־ציגע נאך די אייזענבאהן־ליניען.

trained *a.* (טריינד) מיט א שלעפע; ערצויגען, אויסגעלערענט, איינגעאיבט.

trained band (טריינד בענד) אן איינגעלערענטע אדער איינגעמושטירטע ראטע סאלדאטען.

trai'ner *n.* (טריי׳-נער) אן איינאיבער, א לעהרמייסטער, אן ערציהער; א צובערייטער; א דרעסירער; א מיליץ־סאלדאט; א ראהם צוצוגעבען פלאנצען א געוויסע ריכטונג אדער פארם.

train'-hand *n.* (טריין׳-הענד) ז. *trainman*.

trai'ning *n.* (טריי׳-נינג) 1. איבונג; אויסבילדונג; פארבערייטונג; שולונג; ערציהונג; 2. דרעסירונג פון חיות; 3. די ענטוויקלונג פון די פיזישע קרעפטען; 4. די ערציהונג פון בוימלעך, אז זיי זאלען וואקסען אין א געוויסער פארם.

1. Children require **training** in obedience.
3. The athlete spent much time in **training**.

trai'ning-col'lege *n.* (טריי׳-נינג-קאל׳-עדזש) ז. *training-school*.

trai'ning-day *n.* (טריי׳-נינג-דיי) א בעשטימטער טאג אין וועלכען מען מושטירט די בירגער־מיליץ.

trai'ning-school *n.* (טריי׳-נינג-סקוהל) א לעהרער־סעמינאר, א שול צו פארבערייטען לעהרער אדער לעהרערינס.

trai'ning-ship *n.* (טריי׳-נינג-שיפ) א שיף אויסצובילדען און פארצובערייטען מאטראזען.

train'less *a.* (טריין׳-לעס) אהן א שלעפע.

train'man *n.* (טריין׳-מען) איינער וואס איז בעשעפטיגט אויף אן אייזענבאהן־צוג.

train'-mile *n.* (טריין׳-מאיל) א באהן־מייל.

train'-oil *n.* (טריין׳-אויל) וואלפיש־טראן.

train'-rob'ber *n.* (טריין׳-ראב׳-ער) א רויבער וואס בעפאלט אן אייזענבאהן־צוג, אן אייזענבאהן־רויבער.

train'-shed *n.* (טריין׳-שעד) אן אבדאך אויף א פלאטפארם, וואו אן אייזענבאהן־צוג שטעלט זיך אב.

train'-sheet *n.* (טריין׳-שיעט) אן אייזענבאהן־קארטע [א קארטע, אויף וועלכער עס איז פערצייכענט די פערטיילונג פון די ציגע אויף די אייזענבאהן־ליניען].

train'-sig'nal *n.* (טריין׳-סיג׳-נעל) א מעטאדע צו געבען סיגנאלען אין אן אייזענבאהן־צוג פון די וואגאנען צו דעם לאקאמאטיוו.

traipse *v. and n.* (טרייפס) ז. *trapes*.

trait *n.* (טרייט) 1. א צוג, א שטריך; 2. א כאראקטעריסטישער צוג אדער שטריך; אן אייגנטימליכקייט.

2. His character exhibits all the Jewish traits, the best and the worst.

trait of char'acter (טרייט אוו קער׳-עק-טער) א כאראקטער־צוג, א כאראקטער־שטריך.

trai'tor *n. and a.* (טריי׳-טאר) א פעררעטער; פעררעטעריש.

trai'toress *n.* (טריי׳-טאר-עס) א פעררעטערין.

trai'torous *a.* (טריי׳-טאר-אס) פעררעטעריש.

trai'torously *adv.* (טריי׳-טאר-אס-לי) אויף א פעררעטערישען אופן; דורך פערראט.

trai'torousness *n.* (טריי׳-טאר-אס-נעס) פעררעטערישקייט.

trai'tress *n.* (טריי׳-טרעס) א פעררעטערין.

traject' *v.* (טרע-דזשעקט׳) אריבערווארפען.

traj'ect *n.* (טרעדזש׳-עקט) דאס אריבערווארפען; דאס אריבערפיהרען.

trajec'tion *n.* (טרע-דזשעק׳-שאן) דאס אריבערווארפען; דאס אריבערפיהרען.

trajec'tory *n.* (טרע-דזשעק׳-טא-רי) די ווארף־ליניע, די פלוג־ליניע [די קרומע ליניע וואס עס בעשרייבט אן אויסגעשאסענע קויל אדער אן אנדער זאך וואס ווערט געווארפען אין דער לופט]; א קרומע ליניע, וועלכע שניידט דורך אלע אנדערע קרומע ליניען אונטער א בעשטימטען ווינקעל.

tram *n. and v.* (טרעם) א טראמוואי; א טראמוואי־רעלסע; א טראמוואי־וואגאן; אזא וואגען צום פיהרען קויהלען פון די קויהלען־גרובען; איינשלאג־זייד, אזא זארט דאפעלט געדרעהטע זיידענע פעדים; אזא

פאררעכטונג צו פארמירען אוואלע מאדעלען אדער מוסטערס; אין א מיהל־ווערק — דער שטאנד פון שפינדעל פערפענדיקולאר צו דער פלעכע פון אונטערשטען מיהל־שטיין; פיהרען אדער טראנספארטירען מיט א טראמוואי; פאהרען מיט א טראמוואי.

tram'-car *n.* (טרעמ'-קאר) א טראמוואי־וואגאן; אזא קויהלען־וואגען וואס ווערט בענוצט אין קויהלען־גרובען.

tram'mel *n. and v.* (טרעמ'-על) א שלעפ־נעץ צו פאנגען פיש; א פישער־נעץ; א פענטע; א שפאן־רימען צו רעגולירען די בעוועגונגען פון א פערד; א הינדערניש, א שטערונג; אזא קרוק אויפצוהענגען טעפ, קעסלען א. ד. ג.; אן עליפסען־צירקעל [אזא צירקעל צום צייכענען עליפסען אדער אוואלע פיגורען]; פענטען, בינדען; הינדערען, שטערען.

tram'meled *a.* (טרעמ'-עלד) געפענטעט, געבונדען; געהינדערט; וואס האט א ווייסע צייכען אויף דעם פאדערשטען און הינטערשטען פוס פון איין זייט ווי א צייכען פון א פענטע [וועגען פערד].

tram'meler *n.* (טרעמ'-על-ער) א שטערער, א הינדערער; איינער וואס פאנגט פיש מיט א שלעפ־נעץ.

tram'melled *a.* (טרעמ'-עלד) ז. *trammeled*.

tram'meller *n.* (טרעמ'-על-ער) ז. *trammeler*.

tram'mel-net *n.* (טרעמ'-על-נעט) א שלעפ־נעץ צו פאנגען פיש.

tram'mel-wheel *n.* (טרעמ'-על-הוויעל) אזא ראד וואס פערוואנדעלט א וועקסעל־בעוועגונג אין אן איינפערמיגע קרייז־בעוועגונג.

tram'ming *n.* (טרעמ'-אינג) דאס איינשטעלען דעם שפינדעל פון א מיהל־שטיין פאלשטענדיג פערפענדיקולאר מיט דער פלעכע פון אונטערשטען שטיין.

tramonta'na *n.* (טרא-מאנ-טא'-נא) דער נארד־ווינד.

tramon'tane *a. and n.* (טרע-מאנ'-טיין) פון יענער זייט די אלפען־בערג; פון איבער די בערג; פרעמד, פון א פרעמדען לאנד; איינער וואס וואהנט איבער די בערג; א פרעמדער, א פרעמד־געבירטיגער; דער צפון־ווינד.

tramp *n. and v.* (טרעמפ) אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער, אן ארומוואנדערער, א בראדיאגע, א מענש אהן א היים; א וואנדער־געזעל [אן ארבייטער וואס וואנדערט ארום זוכען ארבייט]; א רייזע צו פוס; א שפאציער צו פוס; דער טראמפלענדער קלאנג וואס עס הערט זיך ביים געהן אדער מארשירען; אן אייזערנע פלאטע וואס גרעבער טראגען אויף די זוילען פון די שיך כדי זיי זאלען ניט צושניטען ווערען פון דער לאפעטע; א פראכט־שיף וואס האט ניט קיין רעגולערען קורס נאר נעהמט אויף פראכט וואו עס מאכט זיך; אן אינסטרומענט ארומצושניידען א צאם פון בוימלעך; ארומוואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיך ארומשלעפען; געהן צו פוס; מאכען א רייזע צו פוס; טראמפלען, טרעטען מיט די פיס.

tram'per *n.* (טרעמ'-פער) אן ארומוואנדערער, אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער, א בראדיאגע; א ציגיינער; א וואנדער־געזעל [אן ארבייטער וואס וואנדערט ארום זוכען ארבייט].

tram'-plate *n.* (טרעמ'-פלייט) א פלאכע רעלסע [שינע].

tram'ple *v. and n.* (טרעמפל) טרעטען מיט די פיס, טראמפלען; א טראמפעל, א שטארקער טראט מיט'ן פוס; דאס טראמפלען מיט די פיס.

tram'pler *n.* (טרעמ'-פלער) איינער וואס טרעט אדער טראמפעלט מיט די פיס.

trampoose' *v.* (טרעמ-פוהס') ארומוואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיך ארומשלעפען.

tram'pous *v.* (טרעמ'-פאס) ז. *trampoose*.

tram'-rail *n.* (טרעמ'-רייל) ז. *tram-plate*.

tram'road *n.* (טרעמ'-ראוד) א טראם־וואי־ליניע; א טראמוואי.

tram'way *n.* (טרעמ'-הוויי) א טראמוואי, א גאסען־אייזענבאהן, א פערד־באהן.

tram'-wheel *n.* (טרעמ'-הוויעל) א ראד פון א טראמוואי־וואגאן.

trance *n. and v.* (טרענס) עקסטאז; ענטציקונג; בעגייסטערונג; ערשטוינונג; א בעוואוסטלאזער צושטאנד; א היפנאטישער צושטאנד; בעשטירצונג; ענטציקען; בעצויבערען.

tran'cedly *adv.* (טרענ'-סעד-לי) אין ענטציקונג; אין עקסטאז; ווי בעצויבערט; ווי היפנאטיזירט.

tran'gram *n.* (טרענ'-גרעם) ז. *trankum*.

trank *n.* (טרענק) א צוגעשניטענעם שטיק לעדער פאר א הענטשקע.

tran'kum *n.* (טרענ'-קאם) עטוואס ווערטהלאזעס אדער אוננוציגעס.

tran'nel *n.* (טרענ'-על) א לאנגער האלץ־שטיפט, א פלעקעל.

tran'quil *a.* (טרענ'-קהוויל) שטיל, רוהיג, געלאסען.

tran'quilise *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tranquiliza'tion *n.* (טרענ-קהוויל-אי-זיי'-שאן) דאס איינשטילען, דאס בערוהיגען; בערוהיגונג, איינשטילונג.

tran'quilize *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) איינשטילען, בערוהיגען; שטיל מאכען; זיך איינשטילען, זיך בערוהיגען; שטיל ווערען.

tran'quilizer *n.* (טרענ'-קהוויל-אי-זער) א בערוהיגער, אן איינשטילער; א בערוהיגונגס־מיטעל.

tran'quilizingly *adv.* (טרענ'-קהוויל-אי-זינג-לי) איינשטילענדיג, בערוהיגענדיג; צום בערוהיגען, צום איינשטילען.

tran'quillise *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tranquil'lity *n.* (טרענ—קהוויל'-אי-טי) רוהיגקייט, שטילקייט; געלאסענהייט.

tranquilliza'tion *n.* (טרענ-קהוויל-אי-זיי'-שאן) ז. *tranquilization*.

tran'quillize *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tran'quillizer *n.* (טרענ'-קהוויל-אי-זער) ז. *tranquilizer*.

tran'quillizingly *adv.* (טרענ'-קהוויל-אי-זינג-לי) ז. *tranquilizingly*.

tran'quilly *adv.* (טרענ'-קהוויל-לי) אויף א רוהיגען אופן; רוהיג, שטיל, געלאסען.

tran'quilness *n.* (טרענ'-קהוויל-נעס) ז. *tranquillity*.

trans- (טרענס) איבער, דורך, פון יענער זייט [א ווארט וואס ווערט בענוצט אלס צוזאץ צו אנדערע ווערטער].

transact' *v.* (טרענס-עקט') פערהאנדלען; דורכפיהרען; ערפילען, טהאן; אונטערהאנדלען, פיהרען אונטערהאנדלונגען.

transact' busi'ness (טרענס-עקט' ביז'-נעס) פיהרען געשעפטען, האנדלען; פערהאנדלען די געשעפטליכע פראגען.

transac'tion *n.* (טרענס-עק'-שאן) אונטערהאנדלונג, פערהאנדלונג, פיהרונג; דורכפיהרונג; אן ענין, אן עסק, אן אנגעלעגענהייט, א געשעפט; די שליכטונג אדער אויסגלייכונג פון א סכסוך דורך דער איינשטימונג פון ביידע צדדים.

transac'tions *n.* (טרענס-עק'-שאנז) די בעריכטען, וועלכע ענטהאלטען די רעפעראטען, פערהאנדלונגען, דיסקוסיאנען א. ז. וו. פון א פערזאמלונג וואס ווערט אבגעהאלטען פון א וויסענשאפטליכען פעראיין.

transac'tor *n.* (טרענס-עק'-טאר) א דורכפיהרער; אן אונטערהאנדלער, א פערהאנדלער; איינער וואס פיהרט געשעפטען.

transal'pine *a. and n.* (טרענס-על'-פין) וואס ליעגט איבער די אלפען־בערג, וואס געפינט זיך פון יענער זייט די אלפען; איינער וואס איז געבארען אדער וואהנט פון יענער זייט די אלפען.

transanima'tion *n.* (טרענס-ענ-אי-מיי'-שאן) די זעעלען־וואנדערונג, דאס מגולגל ווערען פון דער נשמה פון א געשטארבענעם אין אן אנדער קערפער.

transatlan'tic *a.* (טרענס-עט-לענ'-טיק) טראנסאטלאנטיש, איבער דעם אטלאנטישען ים; וואס ליעגט אויף יענער זייט פון אטלאנטישען אקעאן; אמעריקאניש; וואס געהט איבער'ן אטלאנטישען אקעאן [ווי א שיף].

transca'lency *n.* (טרענס-קיי'-לענ-סי) די דורכלעסיגקייט אדער לייטונגס־פעהיגקייט פאר ווארימקייט; די אייגענשאפט דורכצולאזען ווארימקייט.

transca'lent *a.* (טרענס-קיי'-לענט) וואס לאזט דורך ווארימקייט.

transcauca'sian *a.* (טרענס-קאה-קיי'-שיען) פון יענער זייט קאווקאז.

transcend' *v.* (טרענ-סענד') אריבערשטייגען; איבערטרעפען; אריבערגעהן, אריבערטרעטען.

transcen'dence *n.* (טרענ-סענ'-דענס) איבערשטייגונג; איבערטרייבונג; איבערטרעפונג; פארטרעפליכקייט.

transcen'dency *n.* (טרענ-סענ'-דענ-סי) ז. *transcendence*.

transcen'dent *a. and n.* (טרענ-סענ'-דענט) וואס שטייגט אריבער דעם העכסטען גראד; אויסערגעוועהנליך, אויסערארדענטליך, עקסטראארדינער; אין פילאזאפיע — טראנסצענדענט, וואס איז למעלה מן השכל, וואס איז העכער פון אירגענד וועלכער שכל'דיגער קאטעגאריע, ווי ארט, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ד. ג. [ווי די אידעע פון גאט]; א טראנסצענדענץ, א רעאליטעט וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך קיין שכל'דיגער קאטעגאריע; עפעס וואס איז איבער דעם מענשליכען פערשטאנד אדער איבער זיינע בעגריפען; עפעס אויסערגעוועהנליכעס, אויסערארדענטליכעס; אין מאטעמאטיק — א טראנסצענדענטאלער אויסדרוק [א מאטעמאטישער ווערטה וואס קען ניט אויסגעדריקט אדער בעשטימט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג].

transcenden'tal *a. and n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל) אין פילאזאפיע — טראנסצענדענטאל, וואס קומט ניט פון ערפאהרונג, אבער ליעגט אין דער ערפאהרונג

און איז נויטיג פאר איהר [ווי די אידעע פון ארט און צייט]; זעהר אבסטראקט; וואס קען ניט בעגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען; אונזיניג, אונפערשטענדליך; אין מאטעמאטיק — טראנסצענדענט, וואס קען ניט אויסגעדריקט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג; א טראנסצענדענץ, עפעס וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך אירגענד וועלכע פון די צעהן אריסטאטעל'ס קאטעגאריען [ז. *categories of Aristotle*].

transcenden'tal cogni'tion (טרענ-סענ-דענ'-טעל קאג-ניש'-אן) דאס טראנסצענדענטאלע וויסען [דאס וויסען אדער ערקענטניס וואס מיר בעקומען ניט פון ערפאהרונג נאר פון שכל, לויט קאנט'ס פילאזאפיע].

transcenden'tal geom'etry (טרענ-סענ-דענ'-טעל דזשי-אמ'-ע-טרי) טראנסצענדענטאלע געאמעטריע, העכערע געאמעטריע, וועלכע ווערט בעהאנדעלט דורך דיפערענציאל און אינטעגראל-רעכנונג.

transcenden'tal ide'alism (טרענ-סענ-דענ'-טעל אי-די'-על-איזם) דער טראנסצענדענטאלער אידעאליזם [די פילאזאפישע טעאריע פון קאנט, דאס די בעגריפען רוים, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ז. וו. האבען מיר ניט בעקומען דורך ערפאהרונג, נאר זיי זיינען ביי אונז איינגעבארען].

transcenden'talism *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איזם) טראנסצענדענטאליזם; אין קאנט'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז די פונדאמענטאלע פרינציפען, דורך וועלכע עס איז מעגליך אונזער ערקענטניס [ווי די אידעען פון ארט, צייט א. ד. ג.], שטאמען ניט פון דער ערפאהרונג, נאר זיי ערשיינען אלס פארמען פון אונזער שכל, ווען ער קומט אין בעריהרונג מיט די "נאומענען", מיט די זאכען פון דער אויסערליכער וועלט; אין שעלינג'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז צווישען דעם סוביעקט און אביעקט, צווישען דעם "איך" און דער וועלט, איז ניטא קיין שום חילוק, און דעריבער איז מעגליך אן אבסאלוטע ערקענטניס פון מאטעריע און גייסט, פון דער וועלט און גאט; דאס זיין זעהר אבסטראקט אדער טראנסצענדענטאל; דאס זיין פאנטאסטיש; איבערטרעפליכקייט.

transcenden'talist *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איסט) א טראנסצענדענטאליסט, אן אנהענגער פון דער טראנסצענדענטאלער פילאזאפיע. ז. *transcendental*.

transcenden'talize *v.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איז) אויסטייטשען פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, מאכען טראנסצענדענטאל אדער איבערזינליך. ז. *transcendental*.

transcenden'tally *adv.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-אי) פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, ניט זייענדיג בעגרינדעט פון דער ערפאהרונג, נאר דער שכל איז אזוי מחיב; ניט קומענדיג פון ערפאהרונג, איז אבער נויטיג פאר דער ערפאהרונג.

transcenden'tal ob'ject (טרענ-סענ-דענ'-טעל אב'-דזשעקט) אין דער פילאזאפיע פון קאנט — די זאך אן זיך, די זאך ווי זי איז, ניט מאדיפיצירט דורך אונזער ערקענטניס.

transcenden'tal philos'ophy (טרענ-סענ-דענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) די טראנסצענדענטאלע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון קאנט. ז. *Kantianism*.

transcen'dently *adv.* (טרענ-סענ'-דענט-לי) פארציגליך, פארטרעפליך, אויסערארדענטליך.

transcen'dentness *n.* (טרענ-סענ'-דענט-נעס) ז. *transcendence*.

transcen'dible *a.* (טרענ-סענ'-דיבל) וואס מען קען איבערשטייגען אדער איבערקריכען.

trans'colate *v.* (טרענס'-קא-לייט) דורכזייען; דורכזיפען.

transcontinen'tal *a.* (טרענס-קאנ-טי-נענ'-טעל) איבער'ן קאנטינענט, פון יענער זייט קאנטינענט. ז. *continental*.

transcrib'bler *n.* (טרענ-סקריב'-לער) א נאכלעסיגער איבערשרייבער אדער קאפירער; א קאפירער, א פלאגיאטאר [א ליטעראַרישער גנב].

transcribe' *v.* (טרענ-סקראיב') איבערשרייבען, קאפירען; איבערשרייבען אדער איבערארבייטען מוזיק פאר אן אנדער אינסטרומענט אדער שטימע, ווי די, פאר וועלכע די מוזיק איז געשריבען.

transcri'ber *n.* (טרענ-סקראי'-בער) אן איבערשרייבער, א קאפירער.

tran'script *n.* (טרענ'-סקריפט) אן איבערגעשריבענע קאפיע; א קאפיע; א נאכאהמונג.

transcrip'tion *n.* (טרענ-סקריפ'-שאן) די איבערשרייבונג, די קאפירונג; א קאפיע; אין מוזיק — דאס איבערשרייבען א קאמפאזיציע און צופאסען זי פאר אן אנדער אינסטרומענט [אדער שטימע] ווי די, פאר וועלכען זי איז אריגינעל פערפאסט געוואָרען.

transcrip'tional *a.* (טרענ-סקריפ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאפיע; קאפירענד, איבערשרייבענד.

transcrip'tive *a.* (טרענ-סקריפ'-טיוו) ווי א קאפיע; איבערשרייבענד, קאפירענד.

transcrip'tively *adv.* (טרענ-סקריפ'-טיוו-לי) דורך קאפירען, דורך איבערשרייבען.

transduc'tion *n.* (טרענס-דאק'-שאן) דאס אריבערפיהרען; אריבערפיהרונג.

transect' *v.* (טרענ-סעקט') דורכשניידען, דורכשניידען פאר קווער.

transec'tion *n.* (טרענ-סעק'-שאן) א דורכשניט, א קווערער דורכשניט.

tran'sept *n.* (טרענ'-סעפט) דער קווער אדער קרייץ-פליגעל פון א קירך.

trans'fer *n.* (טרענס'-פויר) אן אריבערטראגונג, אן אריבערפיהרונג [פון איין פלאץ צו א צווייטען]; אן איבערטראגונג [פון א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; דאס וואס ווערט איבערגעטראגען אדער אריבערגעפיהרט; די איבערטראגונג פון א צייכנונג אדער בילד אויף א ליטאגראפישען שטיין; די איבערגעטראגענע צייכנונג; א סאלדאט וואס ווערט אריבערגעפיהרט פון איין רעגימענט אדער קאמפאניע צו א צווייטער; א פונקט אויף אן אייזענבאהן-ליניע, וואו די וואגאנען ווערען אריבערגענומען מיט א פאראם-שיף איבער א טייך; א פונקט, וואו מען נעהמט איבער פון איין באהן אדער טראמוואי אין א צווייטער, אן ארט וואו מען בייט די אייזענבאהן-ציגע; א פאראם אדער פאראם-שיף אריבערצופיהרען פראכט-וואגאנען; דאס אריבערפיהרען פאסאזשירען און באגאזש מיט וועגען אדער אויטאמאבילען פון איין אייזענבאהן-סטאנציע צו א צווייטער אדער פון אן אייזענבאהן-סטאנציע צו א שיף; א בילעט וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף א טראמוואי אדער אייזענבאהן איבערצוגעהן אויף אן אנדער טראמוואי אדער אייזענבאהן פארטצוזעצען די רייזע; אין אמעריקאנער פאסט-אמט — דאס ליהען געלד פון איין קאנטא פאר א צווייטער.

transfer' *v.* (טרענס-פויר') אריבערטראגען, אריבערפיהרען [פון איין ארט צו א צווייטען]; איבערגעבען, איבערטראגען [א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; אריבערטראגען אויף'ן ליטאגראפישען שטיין [וועגען א צייכנונג אדער בילד פון וואס עס דארף געמאכט ווערען א ליטאגראפיע]; אריבערגעהן פון איין טראמוואי אדער אייזענבאהן אין א צווייטער, בייטען די טראמוואיען, בייטען דעם צוג.

transferabil'ity *n.* (טרענס-פויר-ע-ביל'-אי-טי) איבערטראגבארקייט, איבערפיהרבארקייט, דאס זיין מעגליך איבערצוטראגען אדער אריבערצופיהרען.

transfer'able *a.* (טרענס-פויר'-עבל) איבערטראגבאר, וואס קען איבערגעטראגען ווערען; וואס קען אריבערגעפיהרט ווערען; וואס קען איבערגעגעבען ווערען.

trans'fer-book *n.* (טרענס'-פויר-בוק) א בוך צום איינשרייבען די איבערטראגונגען פון קאנטאס, פאנדס א. ד. ג. פון איינעם צום אנדערען.

transferee' *n.* (טרענס-פויר-איע') די פערזאן צו וועמען עס ווערט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען.

trans'fer-el'evator *n.* (טרענס'-פויר-על'-אי-וויי-טאר) א הויב-מאשין מיט וועלכער מען טראגט איבער משא פון איין שיף אויף א צווייטער.

trans'ference *n.* (טרענס'-פויר-ענס) איבערטראגונג; אריבערפיהרונג; דאס איבערטראגען; דאס אריבערפיהרען.

transferen'tial *a.* (טרענס-פע-רענ'-שעל) איבערטראגענד.

trans'fer-ink *n.* (טרענס'-פויר-אינק) איבערדרוק-טינט, איבערדרוק-טוש [אזא טינט וואס ווערט בענוצט צום איבערטראגען צייכנונגען אדער בילדער אויף'ן ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

trans'fer loan (טרענס'-פויר לאון) אן איבערטראגבארע אנלייהע, א הלואה וואס קען איבערגעטראגען ווערען פון איינעם צום צווייטען אדער פון איין פאנד צו אן אנדערען.

transferog'raphy *n.* (טרענס-פע-ראג'-רע-פי) די קונסט צו קאפירען אלטע אינשריפטען אדער איינגראווירונגען פון מצבות, טאפלען א. ד. ג.

trans'fer-pa'per *n.* (טרענס'-פויר-פיי'-פער) איבערדרוק-פאפיער, ליטאגראפיע-פאפיער [אזא פאפיער מיט וועלכען מען טראגט איבער צייכנונגען אדער בילדער אויף דעם ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

transfer'rence *n.* (טרענס-פויר'-ענס) ז. *transference*.

transfer'rer *n.* (טרענס-פויר'-ער) אן איבערטראגער, אן איבערגעבער; אן אינסטרומענט אדער געצייג צום איבערטראגען אדער צום אריבערפיהרען.

transferribil'ity *n.* (טרענס-פויר-אי-ביל'-אי-טי) ז. *transferability*.

transfer'rible *a.* (טרענס-פויר'-איבל) ז. *transferable*.

transfer'ror *n.* (טרענס-פויר'-אר) ז. *transferrer*.

transfig'urate *v.* (טרענס-פיג'-יו-רייט) ז. *transfigure*.

transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-
ריי'-שאן) אומגעשטאלטונג, אומבילדונג,
געשטאלט⸗פערוואנדלונג, די איבערבייטונג
אדער ענדערונג פון אויסזעהן אדער גע⸗
שטאלט ; די אומגעשטאלטונג פון יעזוס
קריסטוס [לויט דעם קריסטליכען גלויבען].

Transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-
ריי'-שאן) די אומגעשטאלטונג פון יעזוס
קריסטוס [א קריסטליכער יום טוב דעם
6טען אויגוסט].

transfig'ure *v.* אום⸗ (טרענס-פיג'-יור)
געשטאלטען, אומבילדען, פערוואנדלען; ענ⸗
דערען דעם אויסזעהן ; מאכען ערהאבען,
אידעאליזירען.

transfig'urement *n.* (טרענס-פיג'-
יור-מענט) ז. *transfiguration*

transfis'sion *n.* א (טרענס-פיש'-אן)
קווער⸗שניט, א קווערער דורכשניט.

transfix' *v.* דורכשטע⸗ (טרענס-פיקס')
כען.

transfix'ion *n.* א (טרענס-פיק'-שאן)
דורכשטעכונג ; דאס דורכשטעכען.

trans'fluent *a.* (טרענס'-פלוה-ענט)
דורכפליסענד, אריבערפליסענד.

trans'forate *v.* (טרענס'-פא-רייט)
דורכבויערען.

transfora'tion *n.* (טרענס-פא-ריי'-
שאן) א דורכבויערונג, דאס דורכבויערען.

transform' *v.* טראנס⸗ (טרענס-פארם')
פארמירען, אומבילדען, איבערמאכען, פער⸗
וואנדלען ; אומענדערען ; זיך ענדערען ;
פערוואנדלען.

transfor'mable *a.* (טרענס-פאר'-
מעבל) וואס קען טראנספארמירט ווערען,
אומגעוואנדעלט אדער פערוואנדעלט ווע⸗
רען.

transforma'tion *n.* (טרענס-פאר-מיי'-
שאן) טראנספארמאציאן, אומבילדונג, אומ⸗
געשטאלטונג, איבערמאכונג ; אומוואנד⸗
לונג, פערוואנדלונג אין אן אנדער פארם.

transfor'mative *a.* (טרענס-פאר'-מע-
טיוו) וואס האט די נייגונג זיך אומצו⸗
וואנדלען אדער זיך אומצוענדערען.

transfor'mator *n.* (טרענס-פאר'-מע-
טאר) ז. *transformer*

transfor'mer *n.* א (טרענס-פאר'-מער)
טראנספארמאטאר, אן עלעקטרישער אפא⸗
ראט צו פערוואנדלען אן עלעקטרישען
שטראם פון הויכער שפאנונג אין א
שטראם פון נידריגער שפאנונג.

transfor'mism *n.* (טרענס-פאר'-מיזם)
אין ביאלאגיע — טראנספארמיזם, די ענ⸗
דערונגען אין ארגאניזמען וואס פערוואנד⸗
לען איין מין אין א צווייטען, די לעהרע
וועגען אויסבילדונגען פון נייע מינים
דורך די ענדערונגען פון די ארגאניזמען.

trans'fuge *n.* א דע⸗ (טרענס'-פיודזש)
זערטיר, אן אנטלאפענער פון מיליטער⸗
דיענסט.

transfu'gitive *n.* (טרענס-פיו'-דזשי-
טיוו) ז. *transfuge*

transfund' *v.* (טרענס-פאנד')
ז. *transfuse*

transfuse' *v.* איבערגי⸗ (טרענס-פיוז')
סען פון איין כלי אין אן אנדערער ; אין
מעדיצין — איבערגיסען דאס בלוט פון
די אדערען פון איין פערזאן אין די אדע⸗
רען פון א צווייטער.

transfu'ser *n.* אן (טרענס-פיו'-זער)
איבערגיסער.

transfu'sible *a.* (טרענס-פיו'-זיבל)
וואס מען קען איבערגיסען.

transfu'sion *n.* אי⸗ (טרענס-פיו'-זשאן)
בערגיסונג ; איבערטראגונג, איבערלייטונג;
אין מעדיצין — די איבערגיסונג פון בלוט
פון די אדערען פון איין פערזאן אין די
אדערען פון א צווייטער.

transfu'sive *a.* (טרענס-פיו'-סיוו)
איבערגיסענד, צום איבערגיסען.

transgress' *v.* איבער⸗ (טרענס-גרעס')
שרייטען, אריבערגעהן ; איבערטרעטען ;
עובר זיין ; בעגעהן אן עברה ; זינדיגען.

transgress'ible *a.* (טרענס-גרעס'-
איבל) וואס קען איבערגעטראטען ווערען ;
וואס מען קען עובר זיין.

transgres'sion *n.* (טרענס-גרעש'-אן)
די איבערטרעטונג פון א געזעץ אדער בע⸗
פעהל ; א זינד, אן עברה.

transgres'sional *a.* (טרענס-גרעש'-אנ-
על) שולדיג, זינדיג.

transgress'ive *a.* (טרענס-גרעס'-איוו)
איבערטרעטענד דאס געזעץ, זינדיג, גע⸗
נייגט צו זינד.

transgress'ively *adv.* (טרענס-גרעס'-
איוו-לי) דורך איבערטרעטען אדער עובר
זיין ; זינדיג ; אין געאלאגיע — ניט פא⸗
ראלעל געלאגערט [וועגען ערד אדער פעל⸗
זען⸗שיכטען].

transgress'or *n.* (טרענס-גרעס'-אר)
אן איבערטרעטער ; א זינדיגער, א בעל
עברה.

transhape' *n.* אן אומגע⸗ (טרענ-שייפ')
שטאלטונג, אן אומוואנדלונג, אן אומענדע⸗
רונג פון דער פארם אדער געשטאלט.

tranship' *v.* איבערלאדען (טרענ-שיפ')
פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון
איין וואגאן אין אן אנדערען ; איבערפיה⸗
רען אדער איבערזעצען פון איין שיף אין
אן אנדערער אדער פון איין וואגען אין
אן אנדערען.

tranship'ment *n.* (טרענ-שיפ'-מענט)
די איבערלאדונג פון איין שיף אין אן
אנדערער אדער פון איין וואגאן אין אן
אנדערען.

tran'sience *n.* עטוואס (טרענ'-שענס)
פאריבערגעהענדעס אדער פערגענגליכעס.

tran'siency *n.* (טרענ'-שענ-סי)
ז. *transience*

tran'sient *a. and n.* (טרענ'-שענט)
1. פאריבערגעהענד, פערגענגליך, ניט פון
לאנגער דויער, שנעל ; איבערגעהענד פון
איינעם צום אנדערען ; 2. אין מוזיק —
וואס קומט אריין צווישען אדער אין מי⸗
טען אלס פערבינדונג [וועגען א נאטע
אדער טאן] ; 3. עטוואס וואס איז נור
צייטווייליג, עטוואס ניט בעשטענדיגעס ;
4. עטוואס פאריבערגעהענדעס אדער פער⸗
גענגליכעס ; 5. א צייטווייליגער גאסט.

5. The hotel accommodates **transients** only.

tran'siently *adv.* (טרענ'-שענט-לי)
אין פאריבערגעהן, ניט פון לאנגען דויער,
פאר א קורצער צייט.

tran'sientness *n.* (טרענ'-שענט-נעס)
פערגענגליכקייט ; קורצער דויער.

transillumina'tion *n.* (טרענס-אי-
ליו-מי-ניי'-שאן) דורכלייכטונג, דורכשיי⸗
נונג.

transi're *n.* א פאסיר⸗ (טרענס-אי'-רי)
צעטעל אדער צאל⸗שיין פון א צאלהויז
[טאמאזשנע] דורכצולאזען אימפארטיר⸗
טע סחורה.

tran'sit *n. and v.* א דורכ⸗ (טרענ'-סיט)
גאנג, אן איבערגאנג ; דאס דורכגעהן ;
דאס דורכפיהרען ; דאס טראנספארטירען;
א טראנספארט⸗ליניע ; א פערקעהר, א
פערקעהרס⸗וועג ; א וועג דורכצופאהרען
דאס לאנד ; אין אסטראנאמיע — דער
דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פאר⸗
ביי אן אנדער הימלישען קערפער [ווי
דער דורכגאנג פון דער לבנה פארביי דער
זון בעת א לקוי חמה] ; אזא שפאקטיוו⸗
אינסטרומענט צו מעסטען האריזאנטאלע
ווינקלען ; דורכגעהן די פלעכע פון א הימ⸗
לישען קערפער.

tran'sit-cir'cle *n.* (טרענ'-סיט-
סויר'קל) אן אסטראנאמישער אינסטרו⸗
מענט צו בעטראכטען דעם דורכגאנג פון
א הימלישען קערפער פארביי אן אנדער
הימלישען קערפער.

tran'sit-du'ty *n.* (טרענ'-סיט-דיו'-טי)
אן אבצאהל אויף סחורה וואס ווערט
דורכגעפיהרט דורך איין לאנד אין א צוויי⸗
טען.

tran'sit-in'strument *n.* (טרענ'-סיט-
אינ'-סטרו-מענט) אזא אסטראנאמישער
שפאקטיוו צו בעאבאכטען דעם דורכגאנג
פון א הימלישען קערפער פארביי אנדערע
הימלישע קערפער.

transi'tion *n.* 1. דער (טרענ-סיש'-אן)
איבערגאנג פון איין ארט, געגענשטאנד
אדער צושטאנד צו אן אנדערען ; 2. פער⸗
ענדערונג ; 3. די איבערגאנגס⸗צייט, די
איבערגאנגס⸗פעריאדע.

1. The last chapter of the book is in reality a **transition** to a second forthcoming volume. 2. We are living in a period of transition.

transi'tional *a.* (טרענ-סיש'-אנ-על)
וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון
איין צושטאנד אדער ארט צו אן אנדע⸗
רען ; וואס בעצייכענט אן איבערגאנג ;
וואס פערענדערט זיך.

transi'tionally *adv.* (טרענ-סיש'-אנ-
על-אי) אלס איבערגאנג, אזוי ווי אן אי⸗
בערגאנג [פון איין צושטאנד צו א צוויי⸗
טען], אויף אן איבערגעהענדען אופן.

transi'tionary *a.* (טרענ-סיש'-אנ-ע-
רי) ז. *transitional*

tran'sitive *a. and n.* (טרענ'-סי-טיוו)
איבערגעהענד ; אין גראמאטיק — טראנ⸗
זיטיוו, איבערגעהענד [וועגען א צייט⸗
ווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט,
וועלכע געהט איבער אויף א געגענ⸗
שטאנד] ; א טראנזיטיווען צייטווארט, א
פעל יוצא [א צייטווארט וואס בעצייכענט
א טהעטיגקייט וועלכע געהט איבער אויף
א געגענשטאנד, צ. ב. זעהן, עסען, שלא⸗
גען א. ד. ג.].

tran'sitively *adv.* (טרענ'-סי-טיוו-לי)
איבערגעהענדיג, אויף אן איבערגעהענדען
אופן.

tran'sitiveness *n.* (טרענ'-סי-טיוו-
נעס) דאס זיין איבערגעהענד.

tran'sitive verb (טרענ'-סי-טיוו
ווארב) א טראנזיטיווען צייטווארט, א
פעל יוצא. ז. *transitive*

transitiv'ity *n.* (טרענ-סי-טיוו'-אי-טי)
ז. *transitiveness*

tran'sitorily *adv.* (טרענ'-סי-טא-רי-
לי) פערגענגליך, אויף א קורצער ווייל⸗ע,
פון קורצען דויער.

tran'sitoriness *n.* (טרענ'-סי-טא-רי-
נעס) פערגענגליכקייט, דאס דויערען א
קורצע ווייל⸗ע.

tran'sitory *a.* פער⸗ (טרענ'-סי-טא-רי)
גענגליך, וואס דויערט א קורצע ווייל⸗ע.

tran'sit-trade *n.* (טרענ'-סיט-טרייד)
דער פערקעהרס⸗האנדעל, דער האנדעל מיט
סחורות וואס געהען פון איין לאנד אדער
געגענד צו א צווייטען.

transla'table *a.* (טרענס-ליי'-טעבל)
איבערזעצבאר, וואס קען איבערזעצט ווע⸗
רען פון איין שפראך אין אן אנדערער ;

וואס קען אויסגעדריקט ווערען אין אנדע־
רע ווערטער.

transla'tableness *n.* (טרענס־לײ'־
טעבל־נעס) איבערזעצבארקייט, דאס קע־
נען איבערזעצט ווערען אין אן אנדער
שפראך.

translate' *v.* (טרענס־לײט') איבערזעצען
אין אן אנדער שפראך; אויסדריקען אדער
ערקלערען אין אנדערע ווערטער; קלאר
מאכען אהן ווערטער; איבערטראגען, אי־
בערשטעלען [פון איין ארט אויף א צווײ־
טען]; אין מעכאניק — איבערזעצען א
קערפער אין אן אנדער בעוועגונגס־לאגע;
איבערפיהרען פון איין אמט אין א צווײ־
טען; ארויפנעהמען לעבעדיגערהייד אין הי־
מעל; ענדערען די פארם, אומוואנדלען; אי־
בערניצעווען, נעהען שיך אדער קליידער
פון אלטען מאטעריאל; איבערשיקען אן
ערהאלטענע טעלעגראמע דורך אן אנדער
טעלעגראפען־ליניע אדער דורך דיזעלביגע
ליניע.

transla'ting-screw *n.* (טרענס־לײ'־
טינג־סקרוה) אן איבערשטעל־שרויף [א
שרויף אין א מאשין אדער אפאראט וואס
ווערט בענוצט איינצושטעלען א געוויסען
טייל, אז ער זאל שטימען מיט די אנדערע
טיילען].

transla'tion *n.* (טרענס־לײ'־שאן) דאס
איבערזעצען; אן איבערזעצונג; אן אי־
בערטראגונג, אן איבערשטעלונג; א פער־
זעצונג פון איין אמט אין א צווייטען;
דאס ארויפנעהמען אין הימעל לעבעדי־
גערהייד; דאס איבערניצעווען, דאס פא־
בריצירען פון אלטען מאטעריאל; א בע־
וועגונג אהן דרעהונג; די איבערשיקונג פון
אן ערהאלטענער טעלעגראמע דורך אן אנ־
דער טעלעגראפען־ליניע אדער דורך דער־
זעלבער ליניע.

transla'tional *a.* (טרענס־לײ'־שאנ־
על) איבערזעצענד; וואס איז שייך צו
אן איבערזעצונג; איבערטראגענד, איבער־
שטעלענד.

trans'lative *a.* (טרענס'־לײ־טיוו) אי־
בערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tor *n.* (טרענס־לײ'־טאר) אן
איבערזעצער; א לאטוטניק, איינער וואס
מאכט שיך פון אלטען מאטעריאל; דער
טעלעגראפישער איבערטראגונגס־אפאראט
[דער אפאראט מיט וועלכען מען שיקט
איבער א טעלעגראמע]; אן אינסטרומענט
אדער מאשין צו פערוואנדלען איין פארמע
פון ענערגיע אין אן אנדערער [צ. ב. אן
עלעקטרישע דינאמא־מאשין וועלכע פער־
וואנדעלט דאמפף־ענערגיע אין עלעקטרי־
שע].

transla'tors *n.* (טרענס־לײ'־טארז) גע־
טראגענע שיך, וועלכע ווערען פעררינכט
און צוגעפוצט צום פערקויפען.

trans'latory *a.* (טרענס'־לײ־טא־רי)
איבערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tress *n.* (טרענס־לײ'־טרעס) אן
איבערזעצערין.

translit'erate *v.* (טרענס־ליט'־ע־רײט)
איבערגעבען די אויסשפראכע פון בוכ־
שטאבען אדער ווערטער פון איין שפראך
דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translitera'tion *n.* (טרענס־ליט־ע־
רײ'־שאן) די איבערגעבונג פון דער אויס־
שפראכע פון בוכשטאבען אדער ווערטער
פון איין שפראך דורך די בוכשטאבען פון
אן אנדער שפראך.

translit'erator *n.* (טרענס־ליט'־ע־רײ־
טאר) איינער וואס גיט איבער די אויס־
שפראכע פון ווערטער פון איין שפראך
דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translocaliza'tion *n.* (טרענס־לאו־
קעל־אי־זײ'־שאן) ז. ***translocation***

translo'cate *v.* (טרענס־לאו'־קײט) אי־
בערשטעלען אויף אן אנדער ארט.

transloca'tion *n.* (טרענס־לא־קײ'־
שאן) די איבערשטעלונג אויף אן אנדער
ארט.

translu'cence *n.* (טרענס־ליו'־סענס)
ז. ***translucency***

translu'cency *n.* (טרענס־ליו'־סען־סי)
דורכזיכטיגקייט; דאס דורכשיינען.

translu'cent *a.* (טרענס־ליו'־סענט)
דורכשיינענד; דורכזיכטיג.

translu'cently *adv.* (טרענס־ליו'־
סענט־לי) אויף א דורכזיכטיגען אדער
דורכשיינענדען אופן.

translu'cid *a.* (טרענס־ליו'־סיד)
ז. ***translucent***

translu'nar *a.* (טרענס־לו'־נאר) וואס
איז פון יענער זייט אדער הינטער דער
לבנה.

trans'lunary *a.* (טרענס'־לו־נע־רי)
ז. ***translunar***

transmarine' *a.* (טרענס־מע־רין') וואס
איז פון יענער זייט ים.

transme'dian *a.* (טרענס־מי'־די־ען)
וואס געהט דורך דער מיטעל־ליניע פון
קערפער.

transmerid'ional *a.* (טרענס־מי־ריד'־
אי־א־נעל) וואס קרייצט דורך דעם מע־
רידיאן. ז. ***meridian***

trans'migrant *a.* and *n.* (טרענס'־מי־
גרענט) איבערוואנדערענד פון איין לאנד
אין אן אנדערען; אויסוואנדערענד; אן
אויסוואנדערער, אן איבערוואנדערער, אן
עמיגראנט; א גלגול, איינער וואס געהט
איבער אין אן אנדער צושטאנד אדער אין
אן אנדער קערפער.

trans'migrate *v.* (טרענס'־מי־גרײט)
איבערוואנדערען, אויסוואנדערען; איבער־
געהן פון איין קערפער אין אן אנדערען.

transmigra'tion *n.* (טרענס־מי־גרײ'־
שאן) די איבערוואנדערונג, די אויסוואנ־
דערונג; גלגול הנפש, דאס מגולגל ווערען
פון דער נשמה אין אן אנדער קערפער
אדער בעשעפעניש.

transmigra'tionism *n.* (טרענס־מי־
גרײ'־שאנ־איזם) דאס גלויבען אין גלגול
הנפש, אז די נשמה פון א מענשען נאך
זיין טויט ווערט מגולגל אין אן אנדער
קערפער.

trans'migrator *n.* (טרענס'־מי־גרײ־
טאר) אן איבערוואנדערער, אן אויסוואנ־
דערער.

transmi'gratory *a.* (טרענס־מאי'־
גריי־טא־רי) איבערוואנדערענד, אויס־
וואנדערענד; מגולגל ווערענדיג.

transmissibil'ity *n.* (טרענס־מיס־אי־
ביל'־אי־טי) די איבערטראגבארקייט, די
איבערגעבליכקייט, די מעגליכקייט איבער־
געטראגען אדער איבערגעגעבען צו ווערען
צו אן אנדערען.

transmis'sible *a.* (טרענס־מיס'־איבל)
איבערטראגבאר, איבערגעבליך, וואס קען
איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווע־
רען צו אן אנדערען.

transmis'sion *n.* (טרענס־מיש'־אן) די
איבערטראגונג, די איבערגעבונג; די אי־
בערזענדונג, די איבערשיקונג; אין ביא־
לאגיע — דאס איבערגעהן בירושה [ווע־
גען די איינענשאפטען פון עלטערען
וואס געהען איבער צו די קינדער]; אין
פיזיק — דאס דורכגעהן [ווי א שטראהל
געהט דורך דורך גלאז]; א טראנסמיסיאן
[די פאררינכטונג איבערצוטראגען די בע־
וועגונג פון א מאטאר צו די רעדער פון
א מאשין (ווי ביי אויטאמאבילען, טראמ־
וואי־וואגאנען, פאבריק־מאשינען א. ד.
ג.)].

transmis'sive *a.* (טרענס־מיס'־איוו)
איבערגעטראגען, איבערגעגעבען; איבער־
געשיקט; וואס קען איבערגעגעבען אדער
איבערגעשיקט ווערען.

transmit' *v.* (טרענס־מיט') איבערטרא־
גען, איבערגעבען צו אן אנדערען; איבער־
שיקען; דורכפיהרען, מאכען עס זאל דורכ־
געהן.

transmit'table *a.* (טרענס־מיט'־עבל)
וואס קען איבערגעטראגען אדער איבער־
געגעבען ווערען.

transmit'tal *n.* (טרענס־מיט'־על) אי־
בערטראגונג, איבערגעבונג.

transmit'tance *n.* (טרענס־מיט'־ענס)
דאס איבערגעבען, דאס איבערטראגען.

transmit'ter *n.* (טרענס־מיט'־ער) אן
איבערמאכער, אן איבערטראגער אדער אי־
בערגעבער; אן איבערשיקער.

transmit'tible *a.* (טרענס־מיט'־איבל)
ז. ***transmissible***

transmogrifica'tion *n.* (טרענס־מאג־
רי־פי־קײ'־שאן) די פערוואנדלונג, דאס
פערוואנדלען אין אן אנדער פערזאן אדער
זאך, ווי דורך מאגיק [א הומאריסטישער
אויסדרוק].

transmog'rify *v.* (טרענס־מאג'־רי־
פאי) פערוואנדלען אין אן אנדער פער־
זאן אדער זאך [א הומאריסטישער אויס־
דרוק].

transmontane' *a.* (טרענס־מאנ־טײן')
איבער'ן בארג, אויף יענער זייט בארג,
הינטער'ן בארג.

transmor'phism *n.* (טרענס־מאהר'־
פיזם) טראנסמארפיזם, די טראנספארמא־
ציאן אדער די פערוואנדלונג פון איין זאך
אין אן אנדערער.

transmutabil'ity *n.* (טרענס־מיו־טע־
ביל'־אי־טי) פערוואנדעלבארקייט, דאס
קענען פערוואנדעלט ווערען אין אן אנ־
דער זאך.

transmu'table *a.* (טרענס־מיו'־טעבל)
פערוואנדעלבאר, וואס קען פערוואנדעלט
ווערען אין אן אנדער זאך.

transmu'tableness *n.* (טרענס־מיו'־
טעבל־נעס) ז. ***transmutability***

transmu'tably *adv.* (טרענס־מיו'־טע־
בלי) דורך פערוואנדלונג, דורך דער פע־
היגקייט פערוואנדעלט צו ווערען אין אן
אנדער זאך.

transmuta'tion *n.* (טרענס־מיו־טײ'־
שאן) די פערוואנדלונג; אין אלכעמיע —
די פערוואנדלונג פון ביליגע מעטאלען אין
טייערע, ווי אין גאלד און זילבער; אין גע־
אמעטריע — די אומענדערונג פון איין
קערפער אדער פיגור אין אן אנדערער
[ווי דאס מאכען פון א דריי־עק א קוואד־
ראט]; אין ביאלאגיע — די אומענדע־
רונג פון א מין, טראנספארמיזם [ז.
transformism]; אבוועקסלונג, דאס
בייטען זיך, דאס פאלגען איינער איבער
דעם אנדערען [אזוי, אז פריהער געהט
דער ערשטער, נאכדעם דער צווייטער,
דערנאך ווידער דער ערשטער א. ז. וו.].

transmuta'tionist *n.* (טרענס־מיו־
טײ'־שאנ־איסט) א טראנספארמיסט, אן
אנהענגער פון דער לעהרע וועגען טראנס־
פארמיזם [ז. ***transformism***]; איי־

נער, וועלכער גלויבט אין דער מעגליכקייט צו פערוואנדלען ביליגע מעטאלען אין גאלד און זילבער, אן אלכעמיקער.

transmu'tative *a.* (טרענס-מיו'-טע-טיוו) וואס פערוואנדעלט אדער פערענדערט; וואס כאראקטעריזירט זיך דורך טראנספארמיזם אדער פערוואנדלונג אין אן אנדער פארם.

transmute' *v.* (טרענס-מיוט') פערוואנדלען, פערענדערען.

transmu'ted *a.* (טרענס-מיו'-טעד) פערוואנדעלט אין אן אנדער קערפער אדער פארם.

transmu'ter *n.* (טרענס-מיו'-טער) א פערוואנדלער, א פערענדערער.

transna'ture *v.* (טרענס-ניי'-טשור) אומוואנדלען די נאטור אדער די טבע.

transnor'mal *a.* (טרענס-נאהר'-מעל) איבערנארמאל, מעהר ווי נארמאל.

transocean'ic *a.* (טרענס-או-שי-ענ'-איק) וואס ליעגט אויף יענער זייט פון אקעאן; וואס שניידט דורך, פליהט דורך אדער פאהרט דורך דעם אקעאן.

tran'som *n.* (טרענ'-סאם) אין ארכיטעקטור — א קווער-באלקען, א קווער-ריגעל; א קווער-שטאב; דער קווער-באלקען איבער א טהיר אדער פענסטער; א פענסטער איבער דעם אויבערשטען קווער-באלקען פון א טהיר; איינע פון די אויבערשטע קווער-באלקענס אין דעם הינטער-טייל פון א שיף.

tran'som-win'dow *n.* (טרענ'-סאם-הווינ'-דאו) א פענסטער איבער דעם אויבערשטען קווער-באלקען פון א טהיר.

transpa'dane *a.* (טרענס-פיי'-דיין) וואס ליעגט אויף דער אנדערער זייט פון דעם טייך פא אין איטאליען [צו צפון-זייט פון דער שטאדט רוים].

Transpa'dane Repub'lic (טרענס-פיי'-דיין רי-פאב'-ליק) די לאמבארדישע רעפובליק אין איטאליען, וועלכע נאפאלעאן דער ערשטער האט געגרינדעט אין יאהר 1796.

transpar'ence *n.* (טרענס-פעהר'-ענס) ז. *transparency*.

transpar'ency *n.* (טרענס-פעהר'-ענ-סי) דורכזיכטיגקייט; א טראנספאראנט, א בילד אדער אויפשריפט אויף דורכזיכטיגער מאטעריע, א ראהם מיט אויפשריפטען בעלויכטען פון אינוועניג.

transpar'ent *a. and n.* (טרענס-פעהר'-ענט) דורכזיכטיג; וואס לאזט דורך ליכטשטראהלען; וואס מען קען זעהן דורך און דורך, קלאר, פערשטענדליך; ליכטיג, העל; א קלייד פון א לייכטען דורכזיכטיגען שטאף, וואס ווערט געטראגען איבער אן אנדערען רייך-געפוצטען קלייד.

transpar'ently *adv.* (טרענס-פעהר'-ענט-לי) אויף א דורכזיכטיגען שטייגער; זעהר קלאר, דורכזיכטיג.

transpar'entness *n.* (טרענס-פעהר'-ענט-נעס) דורכזיכטיגקייט.

transpe'ciate *v.* (טרענ-ספי'-שי-אייט) פערוואנדלען אין אן אנדער מין.

transpecia'tion *n.* (טרענ-ספי-שי-איי'-שאן) די פערוואנדלונג אין אן אנדער מין.

transpic'uous *a.* (טרענ-ספיק'-יו-אס) דורכשיינענד, דורכזיכטיג.

transpierce' *v.* (טרענס-פיערס') דורכשטעכען; דורכדרינגען.

transpir'able *a.* (טרענ-ספאיר'-עבל) וואס קען אויסגעדונסטעט ווערען; וואס קען ארויסקומען אלס שוויים.

transpira'tion *n.* (טרענ-ספי-ריי'-שאן) די אויסדונסטונג; דאס שווייסען, דאס אויסשוויצען.

transpir'atory *a.* (טרענ-ספאיר'-ע-טא-רי) אויסדונסטענד.

transpire' *v.* (טרענ-ספאיר') 1. זיך אויסדונסטען; אויסדונסטען, אויספארען; 2. ארויסקומען, בעקאנט ווערען.

2. Afterwards it **transpired** that the battle was fought after peace had been established.

transplace' *v.* (טרענס-פליים') איבערזעצען אין אן אנדער פלאץ; איבערשטעלען; איבערטראגען.

transplant' *v.* (טרענס-פלענט') איבערפלאנצען- איבערזעצען [אין אן אנדער ארט].

transplan'table *a.* (טרענס-פלענ'-טעבל) וואס קען איבערגעזעצט ווערען אין אן אנדער ארט.

transplanta'tion *n.* (טרענס-פלענ-טיי'-שאן) די איבערפלאנצונג, די איבערזעצונג [אין אן אנדער ארט]; אין כירורגיע — דאס איבערזעצען א שטיקעל לעבעדיג פלייש פון איין קערפער-טייל צו אן אנדערען [ווי ביי געוויסע אפעראציאנען]; א כלומר'שדיגע מעטאדע צו היילען א קראנקהייט דורך איבערטראגען איהר פון דער קראנקער צו א געזונטער פערזאן.

transplan'ter *n.* (טרענס-פלענ'-טער) אן איבערזעצער, אן איבערפלאנצער; א מאשין איבערצוטראגען בוימער.

transplan'ting *n.* (טרענס-פלענ'-טינג) דאס איבערפלאנצען, דאס איבערזעצען; דאס וואס ווערט איבערגעפלאנצט אדער איבערגעזעצט.

transplen'dency *n.* (טרענ-ספלענ'-דענ-סי) אן אויסערגעוועהנליך שטארקער גלאנץ.

transplen'dent *a.* (טרענ-ספלענ'-דענט) זעהר גלענצענד; מיט אן אויסערגעוועהנליך שטארקען גלאנץ.

transplen'dently *adv.* (טרענ-ספלענ'-דענט-לי) מיט אן אויסערגעוועהנליכען גלאנץ.

transponibil'ity *n.* (טרענס-פאו-ני-ביל'-אי-טי) דאס קענען איבערגעטראגען אדער איבערגעשטעלט ווערען. ז. *transpose*.

transpo'nible *a.* (טרענס-פאו'-ניבל) ז. *transposable*.

transpon'tine *a.* (טרענס-פאנ'-טין) וואס געפינט זיך אויף יענער זייט פון בריק.

transport' *v.* (טרענס-פאורט') טראנספארטירען, איבערפיהרען, איבערברייגנען; אוועקשיקען; פערשיקען צו צוואנג-ארבייט אדער קאטארגע; ארויסברייגנען פון די כלים, מאכען אויסער זיך.

trans'port *n.* (טרענס'-פאורט) דער טראנספארט, די אוועקשיקונג; די איבערטראגונג; א שיף וואס דיענט איבערצופיהרען סאלדאטען אדער פראוויאנט; א פעראורטיילטער צום פערשיקען; א פערשיקטער; א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג; עקסטאז.

transportabil'ity *n.* (טרענס-פאור-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען טראנספארטירט אדער אריבערגעטראגען ווערען.

transpor'table *a.* (טרענס-פאור'-טעבל) וואס קען טראנספארטירט אדער אוועקגעשיקט ווערען; וואס דארף פעראורטיילט ווערען צום פערשיקען [ווי אויף קאטארזשנע ארבייט].

transpor'tal *n.* (טרענס-פאור'-טעל) ז. *transportation*.

transporta'tion *n.* (טרענס-פאר-טיי'-שאן) די איבערשיקונג, די אוועקשיקונג; די איבערטראגונג, די איבערגעבונג; דאס פערשיקען צו צוואנג-ארבייט; דאס ארויסגעהן פון די כלים, דאס זיין אויסער זיך; עקסטאז, א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג.

transpor'tedness *n.* (טרענס-פאור'-טעד-נעס) דאס זיין אויסער זיך [פון פרייד אדער ענטריסטונג].

transportee' *n.* (טרענס-פאר-טיע') אין אויסטראליען — א פערשיקטער.

transpor'ter *n.* (טרענס-פאור'-טער) א טראנספארטירער, אן איבערשיקער, אן איבערטראגער.

transpor'ting *a.* (טרענס-פאור'-טינג) אויסער זיך פון בעגייסטערונג אדער ענטציקונג, אין עקסטאז.

transpor'tingly *adv.* (טרענס-פאור'-טינג-לי) זייענדיג אויסער זיך; אין צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג.

trans'port-ship *n.* (טרענס'-פאורט-שיפ) א טראנספארט-שיף, א שיף צו טראנספארטירען סאלדאטען, פראוויאנט א. ד. ג.

trans'port-ves'sel *n.* (טרענס'-פאורט-ווענ'-על) ז. *transport-ship*.

transpo'sable *a.* (טרענס-פאו'-זעבל) וואס קען איבערגעשטעלט ווערען אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transpo'sal *n.* (טרענס-פאו'-זעל) די איבערשטעלונג אזוי, אז די זאכען בייטען זיך מיט די ערטער.

transpose' *v.* (טרענס-פאוז') איבערשטעלען, מאכען אז צוויי אדער עטליכע זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער; אין אלגעברא — איבערטראגען טיילען פון א גלייכונג פון איין זייט צו דער צווייטער; אין רעטאריק — בייטען דעם סדר פון די ווערטער אין א זאץ; אין מוזיק — בייטען דעם טאן.

transpo'ser *n.* (טרענס-פאו'-זער) איינער וואס טראגט איבער אדער שטעלט איבער אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transpo'sing *a.* (טרענס-פאו'-זינג) וואס דיענט איבערצוטראגען אדער איבערצושטעלען אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transposi'tion *n.* (טרענס-פא-זיש'-אן) די אומשטעלונג, די אומבייטונג מיט די ערטער.

transposi'tional *a.* (טרענס-פא-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו אומשטעלונג אדער אומבייטונג מיט די ערטער.

transpos'itive *a.* (טרענס-פאז'-אי-טיוו) אומשטעלענד, אומבייטענד; וואס איז געמאכט דורך איבערטראגונג אדער איבערשטעלונג.

transpos'itively *adv.* (טרענס-פאז'-אי-טיוו-לי) דורך אומשטעלונג, דורך איבערטראגונג.

transpos'itor *n.* (טרענס-פאז'-אי-טאר) ז. *transposer*.

transprint' *v.* (טרענס-פרינט') אין דרוקעריי — פערדרוקען, דרוקען ניט אין דעם ריכטיגען ארט.

transprose' *v.* (טרענס-פראוז') איבערמאכען א געדיכט אין פראזע.

transsepul'chral *a.* (טרענס-סי-פאל'-קרעל) נאך'ן טויט.

transshape' *v.* (טרענס-שייפ') פער-וואנדלען אין אן אנדער געשטאלט, טראנס-פארמירען.

transship' *v.* (טרענס-שיפ') ז. *tranship*

transship'ment *n.* (טרענס-שיפ'-מענט) ז. *transhipment*

transubstan'tiate *v.* (טרענ-סאב-סטען'-שי-אייט) פערוואנדלען איין אין אנ-דער סובסטאנץ אדער וועזען; אין טע-אלאגיע — פערוואנדלען דאס ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריסטוס. ז. *transubstantiation*

transubstantia'tion *n.* (טרענ-סאב-סטען-שי-איי'-שאן) טראנסובסטאנציא-ציאן, די ווירקליכע פערוואנדלונג פון ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריס-טוס [א דאגמא פון דער קאטוילישער און פראוואסלאווער קירכען אין נעגענזאץ צו דער לערע פון דער פראטעסטאנטי-שער קירך, אז דיזע פערוואנדלונג איז ניט קיין ווירקליכע, נאר בלויז א סימ-באלישע].

transuda'tion *n.* (טרענ-סיו-דיי'-שאן) די דורכשוויצונג.

transu'datory *a.* (טרענ-סיו'-דיי-טא-רי) דורכשוויצענד.

transude' *v.* (טרענ-סיוד') דורכשווי-צען, אויסשוויצען.

transump'tion *n.* (טרענ-סאמפ'-שאן) דאס אריבערנעהמען פון איין פלאץ צו אן אנדערען.

transump'tive *a.* (טרענ-סאמפ'-טיוו) וואס איז איבערגעטראגען פון איין זאך אויף א צווייטער; מעטאפאריש [ז. *metaphoric*].

transva'sate *v.* (טרענס-וויי'-סייט) ז. *transvase*

transvase' *v.* (טרענס-וויים') איבערגי-סען איין אין אנדער כלי.

transver'sal *a. and n.* (טרענס-וואיר'-סעל) קווער; וואס ליעגט אין דער ברייט; אין געאמעטריע — א טראנסווערזאלע, א ליניע וואס שניידט דורך עטליכע אנדערע ליניעס; אין אנאטאמיע — א מוסקול וואס ליעגט קווער צו אנדערע מוסקולען.

transversa'lis *n.* (טרענס-וואיר-סיי'-ליס) אין אנאטאמיע — איינער פון עט-ליכע פערשיעדענע מוסקולען, וואס ליע-גען אין דער ברייט פון געוויסע קערפער-טיילען.

transversal'ity *n.* (טרענס-וואיר-סעל'-אי-טי) דאס זיין קווער; דאס ליעגען אין דער ברייט.

transver'sally *adv.* (טרענס-וואיר'-סעל-אי) זייענדיג קווער; ליעגענדיג אין דער ברייט.

transverse' *a., adv., n. and v.* (טרענס-וואירס') קווער, וואס ליעגט אין דער ברייט; אין אנאטאמיע — ברייטער איידער לענגער [וועגען קערפער-טיילען וואס ליעגען אין דער ברייט פון אנדערע קערפער-טיילען]; א קערפער-טייל וואס ליעגט קווער צו אן אנדער קערפער-טייל; איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב; איבער-בייטען, אומענדערען.

transverse'ly *adv.* (טרענס-וואירס'-לי) אין א קווער-ריכטונג; ליעגענדיג אדער ציהענדיג זיך אין דער ברייט.

transver'sus *n.* (טרענס-וואיר'-סאס) אין אנאטאמיע — א קווער-ליעגענדער מוסקול.

Transylva'nian *a. and n.* (טרענ-סיל-וויי'-ני-ען) וואס איז שייך צו טראנסיל-וואניע [דער דרום-מזרח טייל פון אונ-גארן]; א בירגער אדער אן איינוואהנער פון טראנסילוואניע.

trap *n. and v.* (טרעפ) א פאסטקע, א נעץ; אזא פארריכטונג צו פערהאלטען עפעס און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם [ווי די, וועלכע לערנען זיך צו שיסען פויגלען, טהוען עס מיט לעבעדיגע טויבען]; א טייל פון א קאנאליזאציאנס-רעהר אדער פון א וואטער-קלאזעט וואס איז אויס-געבויגען אין דער פארם פון א U און איז אלע מאל אנגעפילט מיט וואסער, כדי ניט צו דערלאזען אז די שטינקענדע גאזען זאלען ארויפקומען; אזא באל-שפיעל [ז. *trap-ball*]; א פאל-טהיר [א טהיר וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונטער, ווי אין א פאדלאגע]; א קארע-טע אויף רעסארען; עפעס וואס וואקעלט זיך, א געבוידע אויף היהנערשע פיסלעך; א שפיצעל אריינצונארען איינעם אין זאק; א פאליציסט, א פאליצייסקער; אין געא-לאגיע—דער טראפ [א שווארצער זיילען-ארטיגער פעלז פון וואלקאנישער אבשטא-מונג]; אריינכאפען אין פאסטקע; אריינ-נארען אין זאק; האלטען עפעס אין אזא פארריכטונג און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם; פערהאלטען דעם שטראם פון שטינקענדע גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר דורך אויסבויגען א טייל פון רעהר אין דער פארם פון א U; לעגען א פאסטקע; זיך אבשטעלען, ניט ארויפגעהן [וועגען דעם שטראם פון גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר]; ציערען, אויספוצען, בעהענגען מיט ציערונגען [ווי א געשפאן פון א פערד].

trapan'ner *n.* (טרע-פען'-ער) א פאנ-גער, איינער וואס כאפט אריין אין נעץ; א פערפיהרער, א בעטריגער.

trap'-ball *n.* (טרעפ'-באהל) שלאג-באל שפיעל, א באל-שפיעל, וואו דער באל ווערט געלעגט אויף איין ענד פון א העל-צעל, וואס באלאנסירט אויף אן אקס און שפרינגט אב, ווען מען קלאפט אב מיט א שטעקעל דעם אנדערען ענד פון דעם העלצעל.

trap'-door *n.* (טרעפ'-דאור) א פאל-טהיר [א טהיר אין א דאך אדער פאדלאגע וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונ-טער].

trape *v.* (טרייפ) זיך ארומשלייען, זיך ארומשלעפען אהן א ציעל.

trapes *n. and v.* (טרייפס) א שמוציגע פרוי, א שלומפער; אן ארומשלעפער, א באסיאק; זיך ארומשלייען, זיך ארומשלע-פען.

trap'ezate *a.* (טרעפ'-אי-זייט) ז. *trapeziform*

trapeze' *n.* (טרע-פיז') א טראפעצע, א שטעקען וואס איז פון ביידע זייטען אנגע-בונדען אויף הענגענדע שטריק פאר גימ-נאסטישע איבונגען און קונצען; אין גע-אמעטריע — א טראפעציום [ז. *trapezium*].

trape'zian *a.* (טרע-פי'-זשיען) וואס האט אונרעגעלמעסיגע פיער-עקיגע זייטען-פלעכען [וועגען געוויסע קריסטאלען].

trape'ziform *a.* (טרע-פי'-זי-פארם) וואס האט די פארם פון א טראפעצע [טרא-פעציום]. ז. *trapezium*

trape'zium *n.* (טרע-פי'-זי-אם) אין געאמעטריע — א טראפעץ [טראפעציום], א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס צוויי פון איהרע זייטען זיינען פאראלעל און די אנדערע צוויי ניט; אין אנאטא-מיע — דאס קליינע פיער-עקיגע ביינדעל צווישען דעם האנד-געלענק און דעם גרא-בען פינגער.

trap'ezoid *n. and a.* (טרעפ'-אי-זאיד) א טראפעזאיד, א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס קיינע צוויי פון איהרע זייטען זיי-נען פאראלעל; וואס איז ענהליך צו א טראפעזאיד.

Trapezoid

trapezoi'dal *a.* (טרעפ-אי-זאי'-דעל) וואס האט די פארם פון טראפעזאיד. ז. *trapezoid*

trap'fall *n.* (טרעפ'-פאהל) א פאל-טהיר, וואס איז געמאכט אזוי, דאס זי עפענט זיך אונטער די פיס און דער מענש פאלט דורך.

trap'-hole *n.* (טרעפ'-האול) א פאל-גרוב [א גרוב וואס פערמאכט זיך מיט א פאל-טהיר. ז. *trap-door*].

trap'-hook *n.* (טרעפ'-הוק) א מין האקען מיט א פרושינע צו פאנגען פיש.

trap'pean *a.* (טרעפ'-אי-ען) וואס איז שייך צו טראפ [א מין שווארצער שטיין].

trap'per *n.* (טרעפ'-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט שטעלען פאסטקעס צו כאפען חיות; אין קויהלען-שאכטען — איינער וואס עפענט די טהירלעך פון די גאלערעען דורכצולאזען די קויהלען-וועג-לעך.

trap'ping *n.* (טרעפ'-אינג) דאס שטעלען פאסטקעס צו פאנגען חיות; דאס מאכען א פארריכטונג אין א קאנאליזאציאנס-רעהר, וועלכע דערלאזט ניט ארויסצוגעהן שטינקענדע גאזען [ז. *trap*]; א קאסט-בארע פערציערונג פון א פערד'ס שפאן-געצייג.

trap'pings *n.* (טרעפ'-אינגז) קאסטבא-רע פערציערונגען פון א פערד'ס שפאן-גע-צייג.

Trap'pist *n. and a.* (טרעפ'-איסט) א טראפיסט [א מיטגליעד פון אן אסקעטישען מאנאכען-ארדען וועלכער האט זיך געגרינ-דעט אין פראנקרייך און האט זיך פער-שפרייט אין אנדערע לענדער. די טראפיס-טען פלעגען געהן אהן העמדער, פלעגען זיך ערנעהרען בלויז מיט רייז און קאר-טאפלעס און פלעגען שטרענג אבהיטען דעם נדר פון שווייגען]; וואס איז שייך צו די טראפיסטען.

trap'pistine *n.* (טרעפ'-איס-טין) טרא-פיסטין, אזא זיסער שנאפס וואס ווערט פראדוצירט אין איינעם פון די מאנאסטי-רען פון די טראפיסטען. ז. *Trappist*

trap'poid *a.* (טרעפ'-איד) ענהליך צו טראפ [אזא שווארצער שטיין].

trap'pose *a.* (טרעפ'-אוס) ז. *trappean*

trap'pous *a.* (טרעפ'-אס) ז. *trappean*

trap'-rock *n.* (טרעפ'-ראק) טראפ [אזא שווארצער שטיין].

traps *n.* (טרעפס) זאכען, באגאזש.

trap'-stair *n.* (טרעפ'-סטעהר) א טרעפ אדער לייטער וואס פיהרט צו א פאל-טהיר.

trap'-stick *n.* (טרעפ'-סטיק) א שטאק וואס ווערט בענוצט אין שלאג-באל שפיעל. ז. *trap-ball*

trap'-valve *n.* (טרעפ'-וועלוו) א ווענ-טיל אדער קלאפע אין א קאנאליזאציאנס-רעהר.

trash *n. and v.* (טרעש) מיסט, בלאָטע; ווערטהלאָזע זאכען; צובראָכענע שטיקלעך, אבגעשניטענע צווייגלעך; א נידריגער מענש, א געמיינער יונג; א זאך וואס איז צוגעבונדען צום האַלז פון א הונד אדער פון אן אנדער חיה ניט צו דערלאָזען זי ארומצולויפען, שפּרינגען א. ד. ג.; א שווערינקייט, א מניעה, א הינדערניס; בעשניידען [א בוים]; אבטראָגען, אבניצען; צורייסען, צוברעכען; ערנידריגען, שלעכט בעהאנדלען; צוריקהאַלטען.

trash'ery *n.* (טרעש'-ער-אי) מיסט, בלאָטע.

trash'-house *n.* (טרעש'-האוס) א געביידע אין א צוקער-פאבריק וואו מען לעגט אב די אויסגעקוועטשטע צוקער-ראָהר אדער צוקער-שטעקלעך צום הייצען.

trash'-ice *n.* (טרעש'-אים) צובראָכענע אייז געמישט מיט וואסער.

trash'ily *adv.* (טרעש'-אי-לי) מיסטיג, בלאָטיג.

trash'iness *n.* (טרעש'-אי-נעס) מיסטיגקייט, בלאָטיגקייט.

trash'trie *n.* (טרעש'-טרי) מיסט, בלאָטע; ווערטהלאָזע זאכען.

trash'y *a.* (טרעש'-אי) מיסטיג, בלאָטיג; שלעכט, פאסקודנע; נוצלאָז; אונבעדייטענד.

trass *n.* (טרעס) דער טראַס [א מין גרויער פעלזען-שטיין].

trattori'a *n.* (טרעט-טאָ-רי'-א) אן איטאַליענישע גאַרקיך.

trau'ma *n.* (טראָה'-מא) א וואונד אויף'ן קערפּער דורך א קלאַפּ אדער דורך אן אנדער אויסערליכער אורזאַכע.

traumat'ic *a. and n.* (טראָה-מעט'-איק) וואס געהערט צו א וואונד; וואס שטאַמט פון א וואונד; וואס ווערט בענוצט צו היילען א וואונד; א רפואה פאר א וואונד.

traumat'icin *n.* (טראָה-מעט'-אי-סין) אזא רפואה וואס דיענט צוזאַמענצוציהען א וואונד.

trau'matism *n.* (טראָה'-מע-טיזם) א קרענקליכער צושטאַנד, וואס ווערט פערורזאַכט דורך א וואונד.

trav'ail *v. and n.* (טרעוו'-אייל) אַרבייטען; האָרעווען, זיך מאַטערן; זיך פּלאָגען, געהן צו קינד; מיה; געבורטשמערצען; אזא טראַנספּאָרט-מיטעל ביי די נאָרד-אַמעריקאַנישע אינדיאַנער וואס בעשטעהט פון צוויי לאַנגע שטאַנגען, אויף וועלכע מען לעגט ארויף משא. איין ענד פון דיעזע שטאַנגען ווערען צוגעבונדען צו א פערד און דער צווייטער ענד שלעפּט זיך איבער דער ערד.

trave *n.* (טרייוו) א קווער-באַלקען; אזא פענטע צו לערנען פערד געהן מיט גלאַטע לאַנגזאַמע טריט.

trav'el *v. and n.* (טרעוו'-על) רייזען, ארומפאָהרען; אין מעכאַניק — דורכגעהן אדער דורכלויפען א געוויסע שטרעקע; געהן, וואַנדערען; דורכרייזען; טרייבען פון אָרט צו אָרט; א רייזע, א נסיעה; אין מעכאַניק — די לענג וואס אן אבגעשטויסענער קערפּער לויפט אב; דער גאַנג, די בעוועגונג, דער פאָרשריט.

trav'eled *a.* (טרעוו'-עלד) געריייזט; וואס האָט דורכגעמאַכט א ווייטע נסיעה; ערפאָהרען, געניט; בעאַרבייט [וועגען לאַנד].

trav'eler *n.* (טרעוו'-על-ער) א רייזענדער; א רייזענדער געשעפטס-אַגענט [איינער וואס רייזט פאר א געשעפט צו מאַכען בעשטעלונגען]; עפּעס וואס שניידט דורך אדער וואס ליעגט קווער צו אן אנדער זאך.

trav'eler's-joy *n.* (טרעוו'-על-ערז-דזשאָי) די וואַלדרעבע [א מין גראָז-אַרטיגע פּלאַנצע מיט ווייסע בלומען].

trav'eling *a. and n.* (טרעוו'-על-אינג) רייזענד, ארומפאָהרענד; בעוועגליך; דאָס רייזען, דאָס ארומפאָהרען; דער דורכגאַנג, די בעוועגונג.

trav'eling-bag *n.* (טרעוו'-על-אינג-בעג) א רייזע-טאַש; א טשעמאָדאַן, א סאַקוואַיאַזש.

trav'eling-cap *n.* (טרעוו'-על-אינג-קעפּ) א רייזע-היטעל, א ווייך היטעל וואס ווערט געטראָגען פון רייזענדע.

trav'eling-car'riage *n.* (טרעוו'-על-אינג-קער'-אידזש) א גרויסער וואָגען, א בוד, א דיליזשאַנס.

trav'eling-chest *n.* (טרעוו'-על-אינג-טשעסט) א רייזע-קאַסטען, א גרויסער קאַסטען אדער טשעמאָדאַן פאר רייזענדע.

trav'eling-couvert' *n.* (טרעוו'-על-אינג-קוה-ווייר') א גאַנג פון טיש-געשיר, ווי גאָפּלען, לעפעל, מעסערס א. ז. וו., וואס ווערען אזוי געפּאַקט, דאָס מען זאָל קענען זיי מיטפיהרען אין א רייזע.

trav'eling-dress *n.* (טרעוו'-על-אינג-דרעס) א רייזע-מאַנטעל.

trav'elled *a.* (טרעוו'-עלד) ז. *traveled*.

trav'eller *n.* (טרעוו'-על-ער) ז. *traveler*.

trav'elling *a. and n.* (טרעוו'-על-אינג) ז. *traveling*.

trav'el on the con'tinent (טרעוו'-על אָן טהי קאָנ'-טי-נענט) רייזען איבער אייראָפּא.

trav'el out of the rec'ord (טרעוו'-על אוט אָוו טהי רעק'-אָרד) אראָבגעהן פון ענין, רעדען ניט צום פונקט.

trav'el-soiled *a.* (טרעוו'-על-סאָילד) ז. *travel-stained*.

trav'el-stained *a.* (טרעוו'-על-סטיינד) מיט פערשמוצטע קליידער פון דער נסיעה.

trav'el-worn *a.* (טרעוו'-על-הוואָרן) אויסגעמאַטערט פון דער רייזע.

trav'el-wri'ter *n.* (טרעוו'-על-ראַי'-טער) א רייזע-בעשרייבער.

trav'ersable *a.* (טרעוו'-אויר-סעבל) וואס קען דורכגעקרייצט אדער דורכגעשניטען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווערען.

trav'erse *a., adv., n. and v.* (טרעוו'-אוירס) קרייצווייז, דורכשניידענדיג; אין דער קווער; ליעגענדיג קווער; עפּעס וואס שניידט דורך אין דער ברייט, א קווער-האַלץ, א קווער-שטיק; עפּעס וואס שניידט דורך דעם וועג, א הינדערניס, א שטערונג; א דורכגאַנג, דאָס דורכשניידען דעם וועג; אין ארכיטעקטור — א גאַלערעע וואס ציהט זיך פון איין זייט פון א געביידע צו דער צווייטער; אן אבלייקענונג, א הכחשה; אין געאָמעטריע — א טראַנסווערזאַלע, א ליניע וואס שניידט דורך פאר קווער אנדערע ליניען; א קאָפּ-קישעלע; דער זיג-זאַג וועג וואס א שיף מאַכט, ווען זי ווערט געשטויסען פון ווינד; א קורצע ליניע, וואס ווערט געצויגען פון דער הויפּט-ליניע אום פעסטצושטעלען א זייטיגען פונקט; דורכקרייצען, דורכגעהן, דורכפאָהרען; שטעלען אדער לעגען פאר קווער; הינדערען, שטערען; דורכזעהן, דורכקוקען; אבלייקענען.

trav'erse ju'ry (טרעוו'-אוירס דזשוה'-רי) ז. *petit jury*.

trav'erser *n.* (טרעוו'-אויר-סער) אן אבלייקענער, איינער וואס לייקענט אב.

trav'esty *n., a. and v.* (טרעוו'-עס-טי) א טרעוועסטיע, א לעכערליכע נאָכאַהמונג פון א ליטעראַרישען ווערק; לעכערליך איבערגעמאַכט; מאַכען א לעכערליכע נאָכאַהמונג פון א פערפאַסונג, מאַכען א טראַוועסטיע.

trawl *v. and n.* (טראָהל) כאַפּען פיש מיט א שלעפּ-נעץ אדער מיט א נעץ מיט אנגעהאַנגענע האָקענס; א שלעפּ-נעץ; א שאַר-נעץ; אזא נעץ מיט א רייה אנגעהאַנגענע האַטשעקעס.

traw'ler *n.* (טראָה'-לער) איינער וואס כאַפּט פיש מיט א שלעפּ-נעץ אדער שאַר-נעץ.

traw'ler-man *n.* (טראָה'-לער-מען) ז. *trawler*.

trawl'-fish'erman *n.* (טראָהל'-פיש'-ער-מען) ז. *trawler*.

trawl'ing *n.* (טראָהל'-אינג) דאָס כאַפּען פיש מיט א שלעפּ-נעץ אדער שאַר-נעץ.

trawl'-line *n.* (טראָהל'-לאַין) אזא נעץ מיט רייהען אנגעהאַנגענע האָקענס.

trawl'-net *n.* (טראָהל'-נעט) א שלעפּ-נעץ, א שאַר-נעץ.

trawl'-warp *n.* (טראָהל'-הוואָהרפּ) דער שטריק, מיט וועלכען מען שלעפּט א שלעפּ-נעץ אדער שאַר-נעץ.

tray *n.* (טריי) א טאַץ; א שויפעל, א קאָרעטע; א דריטעל [א קאָרט אדער ווירפעל מיט דריי פונקטען]; דער דריטער צווייג אדער שפּיץ פון א הירש'ס האָרן [ז. *trey*].

tray'-cloth *n.* (טריי'-קלאָהטה) א טאַץ-טישטוכעל.

tray'ful *n.* (טריי'-פול) א פולע טאַץ, אזוי פיעל ווי פיעל עס קען ארויף אויף א טאַץ.

The servant smashed a **trayful** of crockery.

tray'-trip *n.* (טריי'-טריפּ) אזא ווירפעל-שפּיעל.

treach'erous *a.* (טרעטש'-ער-אָס) פערראַטעריש, טריילאָז, פאַלש; בעטריגעריש, וואס נאַרט אָב, אונצופערלעסליך.

treach'erously *adv.* (טרעטש'-ער-אָס-לי) אויף א פערראַטערישען אדער בעטריגערישען אופן.

treach'erousness *n.* (טרעטש'-ער-אָס-נעס) פערראַטערישקייט, פערראַט, טריילאָזיגקייט, פאַלשקייט, בעטריגערישקייט, אונצופערלעסיגקייט.

treach'ery *n.* (טרעטש'-ער-אי) פערראַטה, טריילאָזיגקייט, פאַלשקייט, בעטרוג.

trea'cle *n.* (טריעקל) פּאַטאָקע, צוקער-סיראָפּ; טהעריאַק, א הייל-מיטעל געגען גיפט, א געגען-גיפט; א הייל-מיטעל, א גענען-מיטעל, א פּאַנאַצעא; א פּלאַנצע וואס ווערט בעטראַכט אלס געגען-גיפט.

trea'cle-mus'tard *n.* (טריע'קל-מאַס'-טאַרד) אזא גראָז-אַרטיגע פּלאַנצע, וועלכע מען פלעגט אמאָל בענוצען אלס געגען-גיפט.

trea'cle-sleep *n.* (טריע'קל-סליעפּ) א רוהיגער, דערפרישענדער שלאָף.

trea'cle-wa'ter *n.* (טריע'קל-הוואָה'-טער) אזא אויפגוס אדער געטראַנק געמאַכט פון פערשיעדענע קרייטיכער.

trea'cle-worm'seed *n.* (טריע'קל-הוואָירמ'-סיעד) ז. *treacle-mustard*.

trea'cly *a.* (טריע'-קלי) סיראָפּ-אַרטיג, ווי פּאַטאָקע; זיס און קלעפּיג.

tread *v. and n.* (טרעד) טרעטען; בעטרעטען; טרעטען מיט די פיס; געהן,

געהן מיט געמאָסטענע טריט; אויסטרעטען; צוטרעטען; טאַנצען; זיך פּאַרען, האָבען געשלעכטליכען פערקעהר [וועגען פויגלען]; אַ טריט, אַ שריט; דער גאַנג; דער טראַט; פּאָרונג פון פויגלען; דאָס קניפּעל אין דעם געלכעל פון אַן איי; דער טרעפּען=טריט [דער פלאַכער אָדער האָריזאָנטאַלער טייל פון אַ טרעפּ]; די לויף=פלעכע פון אַ ראָד; די גליטש=פלעכע פון אַ שינע אָדער רעלסע; דער טריט פון אַ שוך [דער טייל פון אַ שוך=זויל, וואָס בעריהרט די ערד ביים געהן]; די לענג פון אַ קיעל [גרונד=באַלקען פון אַ שיף. ז. *keel*]; דער שטח צווישען די פּעדאַלען אָדער טרעטערס פון אַ וועלאָסיפּעד; דער טרעט פון אַ שטאַלצע אָדער כאָדולע [דער טייל וואו עס שטעלט זיך אַריין דער פוס].

tread awry′ (טרעד ע-ראַי′) אַראָבקריכען פון וועג; געהן שלעכט.

tread′-board *n.* (טרעד′-באָורד) דער טרעפּען=טריט [דער פלאַכער האָריזאָנטאַלער טייל פון אַ טרעפּ]; אַ טרעט=ברעט פון אַ טרעט=מיהל [ז. *treadmill*].

tread down (טרעד דאַון) צוטרעטען, פערניכטען.

Look on every one that is proud, and bring him low; and **tread down** the wicked in their place.

tread′er *n.* (טרעד′-ער) אַ טרעטער, אַ קלעטערער, אַ וויין=טרעטער.

The **treaders** shall tread out no wine in their presses.

tread′ing *n.* (טרעד′-אינג) דאָס טרעטען; טרעטונג; אַ טריט; דאָס צוטראַטענע; די פּאָרונג ביי פויגלען.

tread in one′s foot′steps (טרעד אין הוואַנז פוט′-סטעפּס) ז. *tread in one′s steps*.

tread in one′s steps (טרעד אין הוואַנז סטעפּס) געהן אין אימעצענס דרכים, נאָכטהאָן אָדער נאָכאַהמען אימעצען.

tread′le *n. and v.* (טרעדל) אַ טרעטער, אַ טרעט=ברעט, אַ פוס=ברעט [דאָס שטיק פון אַ מאַשין וואָס ווערט געטריבען מיט'ן פוס]; דער ציהיגער שטייפערער טייל פון דעם איי=ווייסעל; בעוועגען אַ טרעטער אָדער אַ טרעט=ברעט.

tread′le-machine′ *n.* (טרעד′ל-מע-שין′) אַ קליינע דרוק=מאַשין, וואָס ווערט געבראַכט אין בעוועגונג דורך אַ פוס=טרעטער.

tread′ler *n.* (טרעד′-לער) איינער וואָס בריינגט עפּעס אין בעוועגונג דורך פּעדאַלען אָדער פוס=טרעטערס.

tread′-loom *n.* (טרעד′-לוהם) אַ טרעט=וועבשטוהל [וואָס ווערט געבראַכט אין בעוועגונג דורך אַ פוס=טרעטער].

tread′mill *n.* (טרעד′-מיל) אַ טרעט=מיהל, אַ קאַטאָרזשנע מיהל [אַ מאַשין וואָס ווערט געבראַכט אין בעוועגונג דורך דעם וואָס אַ מענש אָדער פערד טרעט איבער די בעוועגליכע טרעפּ אָדער ברעטער פון דער מאַשין]; אַן איינטאָניגע, ערמיעדענדע טהעטיגקייט.

tread on (טרעד אָן) 1. טראַמפּלען, טרעטען, אַרויפטרעטען מיט'ן פוס [אַלס אויסדרוק פון פעראַכטונג]; 2. נאָכפאָלגען.

1. Thou shalt **tread on** their high places. 2. Year **treads on** year.

tread one′s shoes straight (טרעד הוואַנז שוהז סטרייט) געהן גראַד; געהן פאָרזיכטיג; זיין פאָרזיכטיג.

tread on one′s corns (טרעד אָן הוואַנז קאָהרנז) אָנטרעטען איינעם אויף די היהנער=אויגען, אָנריהרען איינעמ'ס אַ שוואַכען אָדער אָנגעוועהטאָגטען פונקט.

tread on one′s toes (טרעד אָן הוואַנז טאָוז) אָנטרעטען אימעצען, ערגערען אָדער שעדיגען אימעצען.

You can hardly take a step in this world without **treading on** some **one′s toes.**

tread on the heels of (טרעד אָן טהי היעלז אָוו) נאָכפאָלגען.

tread on the neck of (טרעד אָן טהי נעק אָוו) אונטערדריקען, אונטעריאָכען.

tread out (טרעד אַוט) 1. אויסטרעטען [ווי וויינטרויבען אָדער תבואה]; 2. פערניכטען, דערשטיקען, אויסראָטען, אויסלעשען.

1. Thou shalt not muzzle the ox when he **treadeth out** the corn. 2. A little fire is quickly **trodden out.**

tread the boards (טרעד טהי באָורדז) ז. *tread the stage*.

tread the stage (טרעד טהי סטיידזש) שפּיעלען אין טעאַטער.

tread un′der foot (טרעד אַנ′-דער פוט) טרעטען מיט די פיס, בעהאַנדלען מיט פעראַכטונג, פעראַכטען.

tread upon′ (טרעד אַ-פּאָן′) ז. *tread on*.

tread upon′ the heels of (טרעד אַ-פּאָן′ טהי היעלז אָוו) ז. *tread on the heels of*.

tread wa′ter (טרעד הוואָה′-טער) שווימען שטעהענדיג.

tread′wheel *n.* (טרעד′-הוויעל) אַ טרעט=ראָד [אַ ראָד וואָס ווערט געדרעהט דורך דעם געוויכט פון אַ מענשען אָדער פון אַ בהמה].

trea′son *n.* (טריעזן) פעררעטה, הויכפעררעטה [פעררעטה געגען אַ לאַנד אָדער אַ רעגיערונג].

trea′sonable *a.* (טריע′זנ-עבל) פעררעטעריש.

trea′sonableness *n.* (טריע′זנ-עבל-נעס) פעררעטערישקייט.

trea′sonably *adv.* (טריע′זנ-ע-בלי) אויף אַ פעררעטערישען אופן.

trea′sonous *a.* (טריע′זנ-אַס) ז. *treasonable*.

treas′ure *n. and v.* (טרעזש′-אור) 1. אַ שאַץ, אַן אוצר; רייכטום; אָנגעזאַמעלטעס רייכטום; אָנגעזאַמעלטע זאַכען; גאָלד און זילבער; 2. אָנזאַמלען; אָנזאַמלען רייכטום; 3. פעסט האַלטען אין זכרון; 4. בעטראַכטען אַלס אַן אוצר, הויך שעצען.

3. He **treasured** up his grievances and waited patiently for a chance to avenge the wrong.

treas′ure-chest *n.* (טרעזש′-אור-טשעסט) 1. אַ שקאַטולקע, אַ קעסטעל צו האַלטען געלד און ווערטהפולע זאַכען; 2. אַ קאַסע, אַ שאַץ=קאַמער.

2. New taxes were proposed to refill the nation′s empty **treasure-chest.**

treas′ure-cit′y *n.* (טרעזש′-אור-סיט′-אי) אַ פּאַרראָטה=שטאָדט, אַ שטאָדט פאַר תבואה=מאַגאַזינען.

And they built for Pharaoh **treasure-cities,** Pithom and Raamses.

treas′ure-house *n.* (טרעזש′-אור-האַוס) אַ שאַצקאַמער, אַ קאַזנאַטשייסטווע.

treas′urer *n.* (טרעזש′-אור-ער) אַ שאַצמייסטער, אַ קאַזנאַטשיי.

Treas′urer of the Uni′ted States (טרעזש′-אור-ער אָוו טהי יו-נאַי′-טעד סטייטס) דער שטאַאַטס=שאַצמייסטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, דער קאַזנאַטשיי פון דעם פינאַנץ=מיניסטעריום.

treas′urership *n.* (טרעזש′-אור-ער-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ שאַצמייסטער אָדער קאַזנאַטשיי.

treas′uress *n.* (טרעזש′-אור-עס) אַ שאַצמייסטערין.

treas′ure-trove *n.* (טרעזש′-אור-טראָוו) אַ געפונענער אוצר.

treas′ury *n.* (טרעזש′-אור-אי) אַ שאַצקאַמער; אַ קאַזנאַטשייסטווע; אַ קאַסע, אַ פּלאַץ, וואו מען האַלט ווערטהפולע זאַכען; אַ פינאַנץ=דעפּאַרטאַמענט; אַ מין אונטערערדישער קבר [ביי די פאָרצייטיגע גריכען].

treat *v. and n.* (טריעט) 1. בעהאַנדלען, זיך בעגעהן, זיך בעציהען, אומגעהן [מיט עפּעס]; 2. בעהאַנדלען אַ פראַגע, געבען אַן אָבהאַנדלונג; 3. בעטראַכטען אַלס...; 4. פערהאַנדלען, פיהרען פערהאַנדלונגען; 5. קורירען, היילען; 6. בעהאַנדלען מיט כעמישע שטאָפען, אונטערוואַרפען אונטער דער ווירקונג פון כעמישע שטאָפען; 7. אונטערהאַלטען, מכבד זיין, טראַקטירען; פונדעווען; 8. טראַקטירונג, כבוד; אַ פונדע, דאָס פונדעווען, דאָס מכבד זיין; 9. אָטשערעד אָדער רייה צו טראַקטירען, מכבד זיין אָדער מכבד צו זיין; 10. אויסערגעוועהנליכע בעפרידיגונג; עטוואָס וואָס פערשאַפט אויסערגעוועהנליכען פערגניגען.

1. He **treats** everybody with the utmost politeness. 2. The author **treats** his subject in an exhaustive manner. 3. He is **treated** as a public enemy. 5. Doctors **treat** disease by approved remedies. 7. I **treated** myself to an automobile drive. 9. It is my **treat** now. 10. The lecture was a real **treat** and we enjoyed it immensely.

trea′ter *n.* (טריע′-טער) איינער וואָס בעהאַנדעלט עפּעס; איינער וואָס גיט אַן אָבהאַנדלונג; איינער וואָס פערהאַנדעלט; איינער וואָס היילט אָדער קורירט; איינער וואָס טראַקטירט, פונדעוועט אָדער איז מכבד; איינער וואָס בעהאַנדעלט עפּעס מיט כעמישע שטאָפען.

trea′ting *n.* (טריע′-טינג) בעהאַנדלונג; פערהאַנדלונג; קורירונג; טראַקטירונג, דאָס פונדעווען, דאָס מכבד זיין; דאָס מכבד זיין מיט משקה; דאָס אונטערקויפען וועהלער דורך פונדעווען אָדער טראַקטירונג.

trea′tise *n.* (טריע′-טיס) אַן אָבהאַנדלונג; אַ קורצע וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונג; אַ מאמר; אַ מסכת [אין תלמוד].

treat′ment *n.* (טריעט′-מענט) בעהאַנדלונג, דאָס בעגעהן זיך מיט...; די קורירונג.

trea′ty *n.* (טריע′-טי) אַן אָבמאַך [הויפּטזעכליך צווישען צוויי לענדער].

trea′ty of peace (טריע′-טי אָוו פּיעס) אַ פריעדענס=אָבמאַך [צווישען לענדער].

trea′ty-port *n.* (טריע′-טי-פּאָורט) אַ פּאָרט אָדער האַפען, וועלכער איז, לויט אַן אָבמאַך, אָפען פאַר די שיפען פון אַ צווייטען לאַנד.

treb′le *a., n. and v.* (טרעבל) דרייפאַך; שאַרף, הויך דורכדרינגענד [וועגען מוזיקאַלישע טענער]; וואָס איז שייך צו אַ סאָפּראַנאָ אָדער דיסקאַנט=שטימע; אַ דיסקאַנט=שטימע, אַ סאָפּראַנאָ; אַ דיסקאַנט=זינגער, אַ דיסקאַנט=אינסטרומענט; פערדרייפאַכען; זיך פערדרייפאַכען.

treb′leness *n.* (טרעב′ל-נעס) שאַרפקייט, הויכקייט, דורכדרינגליכקייט [וועגען אַ שטימע אָדער קלאַנגען].

treb′let *n.* (טרעב′-לעט) ז. *triblet*.

treb′ling *n.* (טרעב′-לינג) די פלאַנקען וואָס בעפעסטיגען דעם פאָדער=טייל פון אַ שיף געגען דעם דרוק פון אייז.

treb'ly *adv.* (טרעב׳-לי) דרייפאך, דריי מאל אזוי פיעל.

treb'uchet *n.* (טרעב׳-יו-שעט) א טרי־בושעט, א ווארף־מאשין [א מיטעלאלטערליכע קריעגס־מאשין, עהנליך צו א באליסטא, צו ווארפען שטיינער אין א בעלאגערטער פעסטונג און צו צוברעכען די ווענד. ז. *balista*]; א שטראף־שטוהל [ז. *cucking-stool*]; אזא פויגעל־פאסטקע; אזא וואג [צו וועגען מטבעות און סתם קליינינקייטען].

trecen'tist *n.* (טריי-טשענ׳-טיסט) אן אנהענגער, נאכאהמער אדער נאכפאלגער פון דעם ליטעראַרישען און קינסטלערישען סטיל וואס האט געהערשט אין איטאליען אין 14טען יאהרהונדערט.

trecen'to *n.* (טריי-טשענ׳-טאו) דער 14טער יאהרהונדערט אין דער איטאליענישער קונסט און ליטעראטור; דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער סטיל וואס האט געהערשט אין איטאליען אין 14טען יאהרהונדערט.

trechom'eter *n.* (טרע-קאמ׳-ע-טער) אן אדאמעטער, א וועג־מעסטער. ז. *odometer*.

treck'schuyt *n.* (טרעק׳-סקאיט) א טרעק־שוט [אזא האלענדישע קאנאל־שיף וואס מען שלעפט מיט שטריק]. ז. *trekschuit*.

tred'dle *n.* (טרעדל׳) א טרעטער, א טרעט־ברעט, א פוס־ברעט; דער ציהיגער שטייפער טייל פון דעם איי־ווייסעל. ז. *treadle*.

tredille' *n.* (טרע-דיל׳) אזא קארטען־שפיעל פון דריי פערזאָן.

tredrille' *n.* (טרע-דריל׳) ז. *tredille*.

tree *n. and v.* (טריע) א בוים; א בוים־עהנליכע פיגור; א תליה; דער קרייץ, אויף וועלכען יעזוס איז געקרייציגט געווארען; האלץ; א האלץ־פארריכטונג, א האלץ־טייל; א קלאָץ, א שטאנג; ארויפטרייבען אויף א בוים, אריינטרייבען אין א בוים [ווי א פערפאלגטע חיה]; צושפארען צו דער וואנד; פארמירען אויף א קלאָץ אדער אויף א שטאנג; אננעהמען א בוים־עהנליכע פארם.

tree'-bear *n.* (טריע׳-בעהר) ז. *racoon*.

tree'-bee'tle *n.* (טריע׳-ביע׳טל) א בוים־זשוק [א זשוק אדער קעפער וואס ערנעהרט זיך פון בוימער].

tree'-climb'er *n.* (טריע׳-קלאימ׳-ער) א בוים־קריכער, א בוים־קלעטערער [א חיה אדער פויגעל וואס קלעטערט אויף בוימער].

tree'-cof'fin *n.* (טריע׳-קאפ׳-אין) א טרונע פאר א טויטען וואס ווערט געמאכט פון אן אויסגעבויערטען טייל פון א בוים־שטאם.

tree'-cree'per *n.* (טריע׳-קריע׳-פער) א בוים־קלעטערער, א פויגעל וואס קלעטערט אויף בוימער.

tree'-fern *n.* (טריע׳-פוירן) א בוים־פארן [אזא זעהר גרויסער פארן אדער פאפאראטניק]. ז. *fern*.

tree'-fish *n.* (טריע׳-פיש) אזא קאליפארניער שטיין־פיש. ז. *rock-fish*.

tree'-frog *n.* (טריע׳-פראג) א בוים־פראש [א זשאבע אדער פראש וואס האלט זיך אויף צווישען בוימער]. ז. *tree-toad*.

tree'-german'der *n.* (טריע׳-דזשויר-מענ׳-דער) אזא קוסט אדער בוש וואס וואקסט אין די געגענדען פון מיטעללענדישען ים.

tree'-goose *n.* (טריע׳-גוהס) די רינגעל־גאנז. ז. *barnacle*.

tree'less *a.* (טריע׳-לעס) אהן בוימער, ניט בעוואקסען מיט בוימער.

tree'lessness *n.* (טריע׳-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין בוימער, דאס ניט זיין בעוואקסען מיט בוימער.

tree'-milk *n.* (טריע׳-מילק) בוים־מילך [די מילך־עהנליכע זאפט פון געוויסע פלאנצען אדער בוימער, ווי למשל, פון דעם מילך־בוים. ז. *cow-tree*].

tree'nail *n.* (טריע׳-נייל) א האלצערנער נאגעל; אין ארכיטעקטור — א נאגעל־עהנליכע אדער טראפען־עהנליכע פערציערונג.

tree'-nymph *n.* (טריע׳-נימף) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א בוים־נימפע [א וואלד־געטין, וואס לעבט און שטארבט צוזאמען מיט׳ן בוים, אין וועלכען זי האלט זיך אויף]. ז. *hamadryad*.

tree of Bud'dha (טריע אוו בו׳-דא) דער הייליגער פייגענבוים ביי די בודיסטען. ז. *bo-tree*.

tree of geneal'ogy (טריע אוו דזשענ-איע-על׳-א-דזשי) א שטאם־בוים, אן אבשטאמונגס־ליניע.

tree of heav'en (טריע אוו העוון) געטער־בוים אדער הימעלס־בוים [אזא אזיאטישע פלאנצע מיט שלעכט־ריכענדע בליטהען].

tree of knowl'edge (טריע אוו נאל׳-עדזש) דער בוים פון וויסען, דער עץ הדעת.

Tree of Lib'erty (טריע אוו ליב׳-ער-טי) א פרייהייטס־בוים [א בוים וואס ווערט פערפלאנצט צום אנדענקען פון געוואונענער פרייהייט].

tree of life (טריע אוו לאיף) דער בוים פון לעבען, דער עץ החיים; א מין אימער־גרין בוימעל.

tree of the gods (טריע אוו טהי גאדז) ז. *tree of heaven*.

tree'-protec'tor *n.* (טריע׳-פרא-טעק׳-טאר) א מיטעל צו פערהיטען, אז בוימער זאלען ניט בעשעדיגט ווערען פון אינזעקטען.

tree'-pru'ner *n.* (טריע׳-פרוה׳-נער) אן אינסטרומענט צום ארומשניידען בוימער.

tree'-remo'ver *n.* (טריע׳-רי-מוה׳-ווער) א מאשין צום איבערפלאנצען בוימער. ז. *transplanter*.

tree'-scra'per *n.* (טריע׳-סקריי׳-פער) אן אינסטרומענט צום אבשאבען די קארע און מאך פון בוימער.

tree'-soul *n.* (טריע׳-סאול) דער בוים־גייסט [א גייסט, וואס געפינט זיך אין יעדען בוים, לויט דעם גלויבען פון בוימער־פערגעטערער].

tree'-spar'row *n.* (טריע׳-ספער׳-או) די בוים־שוואלב [אזא שוואלב].

tree'-squir'rel *n.* (טריע׳-סקוואיר׳-על) א בוים־וועווערקע, א געוועהנליכע וועווערקע וואס האלט זיך אויף בוימער [איז נעגענזאץ צו די מינים וואס האלטען זיך ניט אויף בוימער].

tree'-swal'low *n.* (טריע׳-סוואל׳-או) די בוים־שוואלב, די ווייס־בייכיגע אמעריקאנישע שוואלב וואס מאכט איהר נעסט אין בוימער; אזא אויסטראלישע שוואלב, וואס האלט זיך אויף אין בוימער. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

tree'-ti'ger *n.* (טריע׳-טאי׳-גער) א לעמפערט. ז. *leopard*.

tree'-toad *n.* (טריע׳-טאוד) א בוים־פראש [אזא פראש אדער זשאבע וואס האלט זיך אויף צווישען בוימער].

Tree-toad

tree'-wor'ship *n.* (טריע׳-הוואיר׳-שיפ) בוימער־פערגעטערונג, בוימער־פערהייליגונג.

tree'-wor'shiper *n.* (טריע׳-הוואיר׳-שיפ-ער) א בוימער־פערגעטערער, א בוימער־פערהייליגער.

tref *a.* (טרעף) טרייף, טריפה.

tre'foil *n. and a.* (טריע׳-פאיל) קלעע, קלעווער אדער משעטשעוויצע [אזא גראז מיט דריי־טייליגע אבגערונדעטע בלעטער]; דער דריי־בלאט [אין ארכיטעקטור — א פערציערונג עהנליך צו א קלעע־בלאט אדער וואס בעשטעהט פון דריי אבגערונדעטע טיילען]; דריי־בלעטערדיג, קלעע־עהנליך.

tre'foil arch (טריע׳-פאיל ארטש) א דריי־בלאט געוועלב אדער קלעע־געוועלב [אן ארקע אדער געוועלב וואס שטעלט מיט זיך פאר עטוואס עהנליכעס צו א דריי־טייליגען קלעע־בלאט אדער וואס בעשטעהט פון דריי אבגערונדעטע טיילען].

Trefoil Arch

tre'foiled *a.* (טריע׳-פאילד) קלעע־ארטיג, וואס בעשטעהט פון דריי אבגערונדעטע טיילען [ווי א קלעע־בלעטעל].

tre'foilwise *adv.* (טריע׳-פאיל-וואיז) אין דער פארם פון דריי־טייליגע אבגערונדעטע בלעטער, אין דער פארם פון קלעע־בלעטער.

trefo'liated *a.* (טריע-פאו׳-לי-איי-טעד) ז. *trefoiled*.

treil'lage *n.* (טרעל׳-עדזש) א רעשאָטקע, א גראטע [הויפטזעכליך פאר קלעטערענדע פלאנצען]. ז. *trellis*.

trek *v. and n.* (טרעק) שלעפען א וואַגען [הויפטזעכליך וועגען אקסען]; פאהרען מיט אקסען; רייזען; דאס שלעפען א וואגען; א רייזע; די רייזע־שטרעקע צווישען איין רוה־פלאץ און א צווייטען.

trek'-ox'en *n.* (טרעק׳-אק׳סן) שפאַן־אקסען, יאך־אקסען.

trek'schuit *n.* (טרעק׳-סקאיט) א טרעק־שוט [אזא האלענדישע שיף וואס ווערט געשלעפט מיט שטריק].

trel'lis *n. and v.* (טרעל׳-איס) א גראַטע, א רעשאָטקע; א גראטען־פלויט אדער גראטען־געביידע, ארום וועלכער עס פלעכטען זיך קלעטערענדע פלאנצען; מאכען א גראטען־פלויט אדער גראטען־געביידע; אונטערהאלטען קלעטערענדע פלאנצען מיט גראטען־ווענד; מאכען גראטען־פערמיג אדער נעץ־פערמיג.

trel'lised *a.* (טרעל׳-איסט) מיט א רעשאטקע, גראטען־פערמיג, נעץ־פערמיג.

trel'lised ar'mor (טרעל'-איסט אר'-מאר) א גראטען-ארטיגער אדער נעץ-פער-מיגער פאנצער.

trel'lis-work *n.* (טרעל'-איס-הוואירק) א גראטעו, א רעשאטקע; נעץ-ווערק; די ארויפגעלעגטע אדער ארויפגענעהטע אויס-געשניטענע אוזארען.

treman'do *adv.* (טריי-מאנ'-דא) טרע-מולירענד, ציטערענד [װעגען מוזיקאלי-שע קלאנגען].

Tremato'da *n.* (טרעמ-ע-טאו'-דא) דער מין ענגעל-ווערים אדער לעבער-ווע-רים [אזעלכע ווערים וואס געפינען זיך אין די געדערים פון מענשען און חיות און אויך אויף דער הויט פון פיש]. ז. *fluke*.

trem'atode *a. and n.* (טרעמ'-ע-טאוד) ז. *trematoid*.

trem'atoid *a. and n.* (טרעמ'-ע-טאיד) עהנליך צו אן ענגעל-ווארים; אן ענגעל-ווארים, א לעבער-ווארים.
ז. *Trematoda*.

Trematoi'dea *n.* (טרעמ-ע-טאי'-די-א) ז. *Trematoda*.

trem'ble *v. and n.* (טרעמבל) 1. צי-טערען, זיך טרייסלען; 2. זיך וואקלען; 3. זיין אומבעשטימט, זיין אונזיכער, זיין אונענטשלאסען; 4. א ציטער; דאס צי-טערען.

1. Our banners make tyranny **tremble.**

trem'ble for (טרעמבל פאר) ציטערען אדער מורא האבען, אז עפעס זאל ניט געשעהן מיט אימעצען אדער מיט עפעס.

Mothers always **tremble for** the safety of their children.

trem'blement *n.* (טרעמ'בל-מענט) אין מוזיק — א טרעל, א ציטערדיגער קלאנג.

trem'bler *n.* (טרעמ'-בלער) איינער וואס ציטערט; א פייגלינג, א טרוס; עט-וואס וואס ציטערט אדער וויברירט; אן עלעקטרישעס גלעקעל.

Trem'bler *n.* (טרעמ'-בלער) א ציטע-רער [א מיטגליעד פון אן אמאליגער ענגלישער סעקטע, וועלכע פלעגט זיך אויס-צייכנען מיט אויפגערעגטע, קאנוואולסי-ווע בעוועגונג בעת דעם גאטעסדיענסט].

trem'bles *n.* (טרעמבלז) [א ציטערניש קראנקהאפטער צושטאנד, ווען מען האלט אין איין ציטערען]; די מילך-פעסט [ז. *milk-sickness*].

trem'bling *n. and a.* (טרעמ'-בלינג) דאס ציטערען; ציטערענד, זיך טרייס-לענד; זיך וואקלענד; אונזיכער; אונ-ענטשלאסען.

trem'blingly *adv.* (טרעמ'-בלינג-לי) ציטערענדיג; וואקלדיג; מיט אונענט-שלאסענהייט.

trem'bling pal'sy (טרעמ'-בלינג פאהל'-זי) אזא פאראליזירונג בעגלייטעט מיט קאנוואולסיווען טרייסלען.

trem'bling pop'lar (טרעמ'-בלינג פאפ'-לאר) דער ציטער-בוים, דער ציטער-פאפעל-בוים, אן אסינא [אזא בוים].

trem'bling prai'rie (טרעמ'-בלינג פריי'-רי) א וואקלדיגע פרעריע [א בלא-טיגע געגענד אין לואיזיאנא, אמעריקא, וועלכע איז בעדעקט מיט א דינעם שיכט ערד און פלאנצען און זינקט אדער שא-קעלט זיך אונטער די פיס].

trem'bling tree (טרעמ'-בלינג טריע) ז. *trembling poplar*.

trem'bly *a.* (טרעמ'-בלי) ז. *trembling*.

tremen'dous *a.* (טרי-מענ'-דאס) שרעקליך, פירכטערליך; מורא'דיג; אונ-געהייער, ערשטוינענד.

tremen'dously *adv.* (טרי-מענ'-דאס-לי) אויף א שרעקליכען, מורא'דיגען שטיי-גער; אויף אן אונגעהייערען, ערשטוינענ-דען שטייגער.

tremen'dousness *n.* (טרי-מענ'-דאס-נעס) שרעקליכקייט, פירכטערליכקייט, מורא'דיגקייט; אונגעהייערקייט, ערשטוינ-ליכקייט.

tremolan'do *adv.* (טרעמ-א-לאנ'-דא) ז. *tremando*.

trem'olant *n.* (טרעמ'-א-לענט) דער טרעמולאנט [אזא פאררייכטונג אין אן ארגעל ארויסצוברייננגען א ציטערענדען קלאנג].

trem'olite *n.* (טרעמ'-א-לאיט) טרעמא-ליט [אזא מינעראל].

trem'olo *n.* (טרעמ'-א-לאו) אין מו-זיק — א ציטערענדער קלאנג; דער טרע-מולאנט [א פאררייכטונג אין אן ארגעל ארויסצוברייננגען א ציטערענדען קלאנג].

trem'or *n.* (טרעמ'-אר) דאס ציטערען, א ציטערענדע בעוועגונג, א ציטער.

trem'orless *a.* (טרעמ'-אר-לעס) אהן א ציטער, ניט ציטערענד, אונבעוועגליך.

trem'ulant *a. and n.* (טרעמ'-יו-לענט) ציטערענד; א טרעמולאנט [ז. *tremolant*].

tremula'tion *n.* (טרעמ-יו-ליי'-שאן) טרעמולאציאן, ציטערניש.

trem'ulous *a.* (טרעמ'-יו-לאס) ציטע-רענד; שרעקעדיג; וואקלדיג; אונענט-שלאסען, אונזיכער; עטוואס וועלען-ארטיג [וועגען דעם קאליר פון אינזעקטען].

trem'ulously *adv.* (טרעמ'-יו-לאס-לי) מיט ציטערניש, ציטערענדיג; אויף א שרעקעדיגען אופן; מיט אונענטשלאסענ-הייט, מיט אונזיכערהייט; זיך וואקלענ-דיג.

trem'ulousness *n.* (טרעמ'-יו-לאס-נעס) דאס ציטערען, ציטערניש; שרעקע-דיגקייט; אונענטשלאסענהייט, אונזיכער-הייט; וואקלדיגקייט.

trem'ulous pop'lar (טרעמ'-יו-לאס פאפ'-לאר) ז. *trembling poplar*.

tre'nail *n.* (טריע'-נייל) ז. *treenail*.

trench *v. and n.* (טרענטש) גראבען; ארומגראבען, ארומרינגלען מיט גראבענס אדער טראנשעען; פערשאנצען; טיעף אויסגראבען אדער אויסאקערען; מאכען א פערטיעפונג אדער איינשניט; א שניט טהאן, איינשניידען; אנגרייפען, איבער-טרעטען, פערלעצען [אימעצענס רעכט]; א טיעפער אקער-שניט אדער אקער-שרונט; א גראבען; א קאנאוו; א טראנשעע, א שאנצע, א פעסטונגס-גראב.

tren'chancy *n.* (טרענ'-טשען-סי) שניידיגקייט; שארפקייט; בייסענדיגקייט.

tren'chant *a.* (טרענ'-טשענט) שניי-דענד; שארף; בייסענד.

tren'chantly *adv.* (טרענ'-טשענט-לי) אויף א שניידענדען, בייסענדען אדער שארפען שטייגער.

trench'-cart *n.* (טרענטש'-קארט) א טראנשעע-וואגען [א קליינער שלעפ-וואגען, מיט וועלכען מען פיהרט פאנאנדער אמוניציאן צווישען די טראנשעען אדער פעסטונגס-גראבענס].

trench'-cavalier' *n.* (טרענטש'-קעוו-ע-ליער') א טראנשעען-קאוואליער, א טראנשעען-רייטער [א פאראפעט אדער אנגעשאטענער וואל נעבען א פעסטונגס-גראבען אדער טראנשעע].

tren'cher *n.* (טרענ'-טשער) א טראנ-שען-מאכער, א שאנצען-גרעבער; איי-נער וואס גראבט פעסטונגס-גראבענס; א האק-ברעט [צו האקען פלייש]; א הילד-צערנעס פיער-עקיגעס ברעטעל וואס מען פלעגט פארצייטען ברויכען ביים טיש און אין קיך אנשטאט א טעלער; שפייז; א היטעל מיט א ברייטען פיער-עקיגען דע-קעל געברויכט פון סטודענטען און דא-צענטען פון אקספארדער און קעמברי-דזשער אוניווערזיטעטען.

tren'cher-cap *n.* (טרענ'-טשער-קעפ) א היטעל מיט א פיער-עקיגען דעקעל גע-ברויכט פון סטודענטען און דאצענטען פון אקספארדער און קעמברידזשער אוניווער-זיטעטען.

tren'cher-crit'ic *n.* (טרענ'-טשער-קריט'-איק) א שפייז-קריטיקער, איינער וואס אינטערעסירט זיך שטארק מיט דער פארבערייטונג פון שפייזען.

tren'cher-fly *n.* (טרענ'-טשער-פלאי) א טעלער-לעקער, א דארמאיעדניק, אן אומ-זיסטיגער פרעסער.

tren'cher-friend *n.* (טרענ'-טשער-פרענד) א טעלער-לעקער.

tren'cher-knight *n.* (טרענ'-טשער-נאיט) א טיש-בעדיענער, א קעלנער.

tren'cher-law *n.* (טרענ'-טשער-לאה) שפייז-רעגולאציאנען, פעראָרדנונגען וועגען דיעטע אדער נאהרונגס-סיסטעם.

tren'cherman *n.* (טרענ'-טשער-מען) אן עסער; א מיטעסער, א מיטשפייזער, א גאסט.

tren'cher-mate *n.* (טרענ'-טשער-מייט) א מיטשפייזער, א מיטעסער, א גאסט.

tren'cher-plate *n.* (טרענ'-טשער-פלייט) אזא זעהר פלאכער טעלער מיט זעהר שמאלע ראנדען.

trench on (טרענטש אן) ז. *trench upon*.

trench'-plow *n.* (טרענטש'-פלאו) א ראיאל-פלוג [אזא אקער-אייזען צום אקע-רען טיעפער ווי געוועהנליך].

trench'-plow'ing *n.* (טרענטש'-פלאו'-אינג) דאס ראיאלען, דאס אקערען מיט א ראיאל-פלוג. ז. *trench-plow*.

trench upon' (טרענטש א-פאן') אנגריי-פען, פערלעצען, איבערטרעטען [ווי למשל, איינעמס רעכטע].

Do not **trench upon** the privacy of your friends.

trend *v. and n.* (טרענד) 1. זיך שטרע-קען, זיך ציהען, זיין געריכטעט; 2. זיך נייגען, זיך ווענדען, זיך ריכטען; 3. ריכ-טונג, ווענדונג, נייגונג.

1. The American coast **trends** southwest from Nova Scotia to Florida. 2. The discussion **trended** away from theology to politics. 3. These few quotations will show the **trend** of the book.

tren'dle *n. and v.* (טרענדל) עטוואס וואס דרעהט זיך [ווי א ראד, באל א. ז. וו.]; א וואלץ, א וואליק; זיך דרעהען, זיך קייקלען; דרעהען, קייקלען.

tren'nel *n.* (טרענל) ז. *treenail*.

tren'tal *n.* (טרענ'-טעל) א זאמלונג אדער סעריע פון דרייסיג; אין דער קאטוילי-שער קיהך — דרייסיג מעסען אדער גא-טעסדיענסטע נאך א טויטען.

trepan' *n. and v.* (טרי-פען') אן ענבער, א בויערער, א בויערער-אינסטרומענט, א בויערער-מאשין; א שיידעל-בויערער [א כירורגישער אינסטרומענט צום אויסזעגען טיילען פון דעם שארבען. ז. *trephine*]; בויערען; טרעפאנירען [דורכזעגען דעם שארבען, אויסזעגען טיילען פון שארבען].

trepana'tion *n.* (טרעפ-ע-ניי'-שאן) דאס טרעפאנירען, דאס אויסזעגען טיילען פון שארבען [ביי געוויסע כירורגישע אפעראציאנען].

trepang' *n.* (טרי-פענג') א טרעפאנג אדער ים=אוגערקע [אזא עסבארע ווארים=עהנליכע ים=שנעקע אדער מאלוסק].

trep'anize *v.* (טרעפ'-ען-איז) טרעפאנירען, אויסזעגען טיילען פון שארבען; געברויכען א טרעפאן [אזא כירורגישער אינסטרומענט צום אויסזעגען טיילען פון שארבען]. ז. *trephine*.

trepan'ner *n.* (טרי-פען'-ער) איינער וואס טרעפאנירט אדער זעגט אוים טיילען פון שארבען מיט א טרעפאן. ז. *trephine*.

trepan'ning *n.* (טרי-פען'-אינג) טרעפאנירונג, די בויערונג אדער דורכזעגונג פון דעם שארבען [ביי אן אפעראציאן]. ז. *trephine*.

trepan'ning-el'evator *n.* (טרי-פען'-אינג-על'-אי-וויי-טאר) אן אינסטרומענט צום אונטערהויבען א טייל פון שארבען וואס איז אויסגעזעגט געווארען מיט א טרעפאן. ז. *trephine*.

trephine' *n. and v.* (טרע-פיען') א טרעפאן, א שארבען=בויערער [אזא זעג צום אויסשניידען טיילען פון דעם שארבען]; טרעפאנירען, אויסזעגען טיילען פון שארבען.

Trephine

trephine'-saw *n.* (טרע-פיען'-סאה) ז. *trephine*.

trep'id *a.* (טרעפ'-איד) ציטערענד, צושראקען, שרעקעדיג.

trepida'tion *n.* (טרעפ-אי-דיי'-שאן) דאס ציטערען, ציטערונג, טרייסלונג; פורכט, שרעק, מורא.

trepid'ity *n.* (טרי-פיד'-אי-טי) ז. *trepidation*.

tres'pass *v. and n.* (טרעס'-פעס) 1. אונגעזעצליך אריינגעהן, בעטרעטען אדער דורכגעהן; 2. פערלעצען; 3. עובר זיין, איבערטרעטען, זינדיגען געגען...; 4. אן אונגעזעצליכע בעטרעטונג, אריינגאנג אדער דורכגאנג; 5. א פערלעצונג, אן איבערטרעטונג, אן עברה, א זינד; א בעשעדיגונג.

1. Do not **trespass** upon this private property. 2. He **trespassed** upon our patience. 3. The outlaw **trespassed** against the law of God and man.

tres'passer *n.* (טרעס'-פעס-ער) איינער וואס בעטרעט א פרעמדען ארט געגען געזעץ; אן איבערטרעטער, א זינדער; א פערלעצער.

tres'pass-of'fering *n.* (טרעס'-פעס-אפ'-ער-אינג) א זינד=אפפער, א קרבן חטאת.

tress *n. and v.* (טרעס) א צאפ; א האר=לאק; א קרויז; פלעכטען אין צעפ; מאכען לאקען אדער קרויזען.

tressed *a.* (טרעסט) געפלאכטען אין צעפ; געלעגט אין לאקען.

tressed point (טרעסט פאינט) שפיצען [קרוזשעוועס] פון מענשליכע האר.

tres'sel *n.* (טרעסל) ז. *trestle*.

tress'es *n.* (טרעס'-עז) צעפ; לאקענס; קאפ=האר, לאנגע קאפ=האר. ז. *tress*.

tres'sure *n.* (טרעש'-אור) א שמאלער אינערליכער ראנד אדער זוים אויף א וואפען=שילד.

tress'y *a.* (טרעס'-אי) בעדעקט מיט לאקען אדער צעפ; עהנליך צו א צאפ אדער א האר=לאק.

tres'tle *n.* (טרעסל) א באק, א געשטעל; אן אונטערשפארע; א טיש=געשטעל; א בריקען=באק, א געשטעל אדער באק צום אונטערהאלטען א בריק אדער אן עהנליכען געבוי; די לאנג=זאלינגען [אזא מאסט=באלקען אויף א שיף]; אזא משופע'דיגער געשטעל צום בעארבייטען לעדער.

tres'tle-board *n.* (טרעס'ל-באורד) א טיש=ברעט וואס קען זיך ארונטערנעהמען.

tres'tle-bridge *n.* (טרעס'ל-ברידזש) א באק=בריק [א בריק • וואס האלט זיך אויף א רייה געשטעלען]. ז. *trestlework*.

tres'tles *n.* (טרעסלז) די אונטערשפארעס פון א שיף בעת מען בויט זי.

tres'tletree *n.* (טרעס'ל-טריע) די לאנג=זאלינגען [אזא מאסט=באלקען אויף א שיף].

tres'tlework *n.* (טרעס'ל-הווארק) דאס באק=ווערק, א רייה געשטעלען אדער אונטערשפארעס [פאר א בריק, האפען א. ז. וו.].

tres'tling *n.* (טרעס'-לינג) ז. *trestlework*.

tret *n.* (טרעט) א הכרעה, א צולעג צו געוויכט.

trev'at *n.* (טרעוו'-עט) א סאמעט=האקען [אזא מעסער געברויכט פון סאמעט=וועבער].

trev'et *n.* (טרעוו'-עט) ז. *trivet*.

trevette' *n.* (טרי-וועט') ז. *trevat*.

trews *n.* (טרוהז) א זארט פלודערען ביי די שאטלענדער.

trey *n.* (טריי) א דריטעל אין קארטען [א קארט אדער ווירפעל מיט דריי פונקטען].

tri'able *a.* (טראי'-עבל) וואס קען פרובירט ווערען; וואס דארף קומען פאר געריכט, וואס דארף גע'משפט ווערען.

tri'ableness *n.* (טראי'-עבל-נעס) דאס קענען פרובירט ווערען; דאס קענען גע'משפט ווערען.

tri'ace *n.* (טראי'-ע-סי) א דריי=קאנטיגער סאלידער ווינקעל.

triacontahe'dral *a.* (טראי-ע-קאנ-טע-הי'-דרעל) וואס האט דרייסיג זייטען [וועגען א סאלידען קערפער].

tri'aconter *n.* (טראי'-ע-קאנ-טער) א שיף מיט דרייסיג רודערס [ביי די פארצייטיגע גריכען און רוימער].

tri'ad *n.* (טראי'-עד) א טריאדע, א פעראייניגונג פון דריי, א גרופע פון דריי פערזאנען אדער זאכען, וואס שטעהען אין א נאהענטער שייכות איינע צו די אנדערע; אין כעמיע — אן עלעמענט אדער ראדיקאל וואס קען זיך פערבינדען מיט דריי אטאמען פון אן עלעמענט אדער ראדיקאל [ז. *radical*]; אין מוזיק — אן אקארד פון דריי טענער; אין מיטאלאגיע — א גרופע פון דריי געטהייטען, וועלכע פלעגען אפט פארגעשטעלט ווערען אלס פאטער, מוטער און קינד.

triadel'phous *a.* (טראי-ע-דעל'-פאס) אין באטאניק — מיט דריי בינטלעך פון צוזאמענגעוואקסענע שטויב=פעדים.

triad'ic *a.* (טראי-עד'-איק) וואס איז שייך צו א טריאדע; וואס בעשטעהט פון דריי; אין כעמיע — פון דריי וואלענצען, וואס פערנעהמט דעם ארט פון דריי אטאמען אין א פערבינדונג; אין דער גריכישער אדער פראוואסלאווער קירך — לכבוד דער דריי=אייניגקייט.

tri'age *n.* (טראי'-עדזש) צובראכענע קאווע=בעבלעך.

tri'al *n.* (טראי'-על) א פראבע; דאס פרובירען; א פערזוך; א וועט=קאמפף, א קאנקורס; א נסיון; דאס אויסהאלטען א נסיון, דאס אויסשטעהן א פראבע; א געריכטליכע אונטערזוכונג, א פראצעס, א משפט; אין טעפעריי — איינע פון די ליימענע כלים, וואס ווערט געברויכט צו פרובירען די היץ פון דעם ברען=אויווען.

tri'al-day *n.* (טראי'-על-דיי) דער טאג פון משפט, דער יום הדין.

tri'al-ground *n.* (טראי'-על-גראונד) דאס ארט וואו מען פרובירט עפעס.

tri'alism *n.* (טראי'-ע-ליזם) טריאליזם, די לעהרע אז דער מענש שטעלט מיט זיך פאר א דריי=אייניגקייט פון גוף, נשמה און גייסט.

trial'ity *n.* (טראי-על'-אי-טי) די דריי=צאהל, א פעראייניגונג פון דריי.

tri'al judge (טראי'-על דזשאדזש) דער ריכטער וואס פיהרט אן דעם געריכטס=פראצעס.

tri'alogue *n.* (טראי'-ע-לאג) א געשפרעך פון דריי פערזאנען.

tri'al-piece *n.* (טראי'-על-פיעס) א פראבע=שטיק, א שטיק וואס ווערט ארויסגענומען פון א גאנצער מאסע און דיענט אלס פראבע אדער מוסטער פון דיזער מאסע; א פראדוקט, לויט וועלכען מען אורטיילט וועגען די קענטנים אדער פעהיגקייט פון דעם פראדוצירער.

tri'al-trip *n.* (טראי'-על-טריפ) א פראבע=רייזע, די ערשטע רייזע פון א שיף צו פרובירען איהר שטארקייט, איהר שנעלקייט א. ד. ג.

Trian'dria *n.* (טראי-ען'-דרי-א) די טריאנדריען, דער דריטער קלאס פון פלאנצען אין לינעע'ס קלאסיפיקאציאן [דיזע פלאנצען האבען הערמאפראדיטישע בליהונגען מיט דריי אבגעזונדערטע און גלייכע שטויב=פעדים. צו דיזען קלאס בעלאנגען כמעט אלע גראזען].

tri'angle *n. and a.* (טראי'-ענגל) א דריי=עק, א דריי=עקיגע אדער דריי=קאנטיגע פיגור; א מוזיקאלישער אינסטרומענט, וואס שטעלט מיט זיך פאר א שטאהלענעם שטעקעל וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון א דריי=עק [ז. איל.]; אין דער קריסטליכער קירך — דער סימבאל פון דער הייליגער דריי=אייניגקייט; דריי=ווינקעלדיג; דריי=עקיג.

Triangle

tri'angled *a.* (טראי'-ענגלד) דרייעקיג, דריי=ווינקעלדיג; מיט דריי ווינקלען.

trian'gular *a.* (טראי-ען'-גיו-לאר) דריי=עקיג, דריי=קאנטיג; וואס איז שייך צו א דריי=עק.

triangular'ity *n.* (טראי-ען-גיו-לער'-אי-טי) דריי=עקיגקייט, דריי=ווינקעלדיגקייט.

trian'gularly *adv.* (טראי-ען'-גיו-לאר-לי) אין דער פארם פון א דריי=עק.

trian'gulate *v. and a.* (טראי-ען'-גיו-לייט) מעסטען מיט א דריי=עק; מאכען דריי=עקיג; אין לאנד=מעסטונג — צוטיילען [א שטיק לאנד] אין דריי=עקיגע פעלדער; אין זאאלאגיע — בעצייכענט מיט

א דריי־עקינער פיגור [ספעציעל ווענען די פליגלען פון געוויסע אינזעקטען].

triangula'tion *n.* (טראַי־ענ־גיו־ליי'־שאַן) די מעסטונג דורך א דריי־עק; דאָס מאַכען דריי־עקיג.

trian'guloid *a.* (טראַי־ענ'־גיו־לאָיד) עטוואָס דריי־עקיג.

trian'thous *a.* (טראַי־ענ'־טהאָס) אין באָטאַניק — מיט דריי בלומען [ווענען דער בליהונג פון געוויסע פּלאַנצען].

tri'archy *n.* (טראַי'־אַר־קי) א טריאַר־כיע, א רעגירונג פון דריי פּערזאָן.

tria'rian *a.* (טראַי־איי'־רי־ען) וואָס שטעהט אין דריטען ראַנג; וואָס פֿער־נעהמט דעם דריטען אָרט.

tri'as *n.* (טראַי'־עס) אין מוזיק — אַן אַקאָרד פון דריי טענער.

Tri'as *n.* (טראַי'־עס) אין געאָלאָגיע—די טריאַסישע פֿאָרמאַציאָן [ז. *Triassic*]; אין דער דייטשער געשיכטע — די אַמאָ־ליגע דייטשע מלוכה וואָס איז בעשטאַנען פון דריי טיילען: עסטרייך, פּריסען און די קלענערע דייטשע מלוכות.

Trias'sic *n.* (טראַי־עס'־איק) אין גע־אָלאָגיע — די טריאַסישע פֿאָרמאַציאָן אין דער געשיכטע פון דער ערד [די נידריג־סטע פון די דריי שיכטען פון דער מע־זאָזאָאישער אָדער סעקונדאַרער פּעריאָדע. ז. *Mesozoic*].

triatom'ic *a.* (טראַי־ע־טאָמ'־איק) וואָס בעשטעהט פון דריי אַטאָמען [ווענען כע־מישע מאָלעקולען, וואָס בעשטעהען פון דריי גלייכע אַטאָמען].

tri'bal *a.* (טראַי'־בעל) וואָס איז שייך צו א שטאַם אָדער שבט.

tri'balism *n.* (טראַי'־בעל־איזם) דאָס זיין אָדער דאָס האַלטען זיך אין בעזונ־דערע שבטים.

tri'bally *adv.* (טראַי'־בעל־אי) בנוגע צו א שבט.

trib'ble *n.* (טריבל) אין פּאַפּיער־מאַנו־פֿאַקטור — א גרויסער האָריזאָנטאַלער ראַהם, אויף וועלכען עס טריקענען זיך בויגענס פּאַפּיער.

tribe *n.* (טראַיב) א שטאַם, א שבט; אַן אַבטיילונג פון א ראַסע אָדער פֿאָלק; א קלאַס; א פֿאַמיליע; א גרופּע בהמות וואָס שטאַמען אָב פון איינע עלטערען; א מין חיות אָדער פּלאַנצען.

tribes'man *n.* (טראַיבז'־מען) א מיט־גליעד פון א־שטאַם אָדער שבט.

trib'let *n.* (טריב'־לעט) א דרעה־באַנק־שפּינדעל [ז. *mandrel*] אויסצומאַכען רעהרען, רינגען א. ד. ג.

tribolumines'cence *n.* (טריב־אָ־ליו־מי־נעס'־ענס) א רייבונגס־שיין [א שיין אָדער ליכט וואָס ענטשטעהט דורך דער רייבונג פון צוויי אָדער עטליכע קערפּער].

tribom'eter *n.* (טראַי־באָמ'־ע־טער) דאָס טריבאָמעטער, אַן אַפּאַראַט צו מעס־טען די קראַפט פון רייבונג פון צוויי אָדער עטליכע קערפּער.

trib'oulet *n.* (טריב'־או־לעט) ז. *triblet*.

tri'brach *n.* (טראַי'־בּרעק) אין דיכ־טונג — א פּערזען־מאָס פון דריי קורצע זילבען.

tribrac'teate *a.* (טראַי־ברעק'־טי־אייט) אין באָטאַניק — וואָס האָט דריי דעק־בלעטער. ז. *bract*.

trib'ual *a.* (טריב'־יו־על) ז. *tribal*.

trib'ular *a.* (טריב'־יו־לאַר) ז. *tribal*.

tribula'tion *n.* (טריב־יו־ליי'־שאַן) קו־מער, בעטריבונג; צרות, אומגליק; איי־נער אָדער עפּעס וואָס פֿערשאַפֿט צרות אָדער אומגליק.

tribu'nal *n.* (טראַי־ביו'־נעל) א טרי־בונאַל, דער שטוהל פון א ריכטער; א געריכט, א געריכטס־הויז.

trib'unary *a.* (טריב'־יו־נע־רי) וואָס איז שייך צו א טריבון. ז. *tribune*.

trib'unate *n.* (טריב'־יו־נייט) דאָס טריבונאַט, דאָס אַמט פון א טריבון. ז. *tribune*.

trib'une *n.* (טריב'־יון) אין אַלטען רוים — א טריבון [א מאַגיסטראַט אויס־געקליבען פון די פֿאָלקסמענער אָדער המון צו פֿערטרעטען זייערע אינטערעסען און צו פֿערטיידיגען זיי געגען דער אונטערדריי־קונג פון די פּאַטריציער אָדער אַריסטאָקראַ־טען]; א פֿערטיידיגער פון המון, א קעמפ־פֿער פֿאַר די אינטערעסען פון פֿאָלק; א טריבונע, א בימה, א העכערע פּלאַטפֿאָרם, פון וועלכער א רעדנער האַלט א רעדע, א רעדנער־בימה.

trib'uneship *n.* (טריב'־יונ־שיפּ) ז. *tribunate*.

tribuni'cial *a.* (טריב־יו־ניש'־על) ז. *tribunitial*.

tribuni'cian *a.* (טריב־יו־ניש'־ען) ז. *tribunitial*.

tribuni'tial *a.* (טריב־יו־ניש'־על) טרי־בוניש, מאַגיסטראַטיש, ווי א טריבון אָדער א ריכטער. ז. *tribune*.

tribuni'tian *a.* (טריב־יו־ניש'־ען) ז. *tribunitial*.

trib'utarily *adv.* (טריב'־יו־טע־רי־לי) אויף א צינזבאַרען אָדער צינז־פּפֿליכטיגען שטייגער; צאָהלענדיג צינז, ביישטייע־רענדיג.

trib'utariness *n.* (טריב'־יו־טע־רי־נעס) צינז־פּפֿליכטיגקייט.

trib'utary *a. and n.* (טריב'־יו־טע־רי) צינזבאַר, וואָס גיט צינז; וואָס ווערט געצאָהלט ווי צינז; וואָס ווירקט מיט, וואָס העלפֿט אונטער; וואָס גיט א צופֿלוס פון וואַסער [ווענען טייכען וואָס פֿאַלען אריין אין אַנדערע טייכען]; א צינז־געבער, א צינז־צאָהלער, אַן אונטערוואַרפענער אונ־טער אַן אַנדער לאַנד; א שטראָם וואַסער [ווי א טייך], וואָס גיסט זיך אריין אין אַן אַנדער שטראָם, א נעבען־פֿלוס.

trib'ute *n. and v.* (טריב'־יוט) דער טריבוט, שטייער, צינז; די ביישטייערונג, דער בייטראַג; די פֿערפּפֿליכטונג צו צאָה־לען א שטייער אָדער צינז, דער חוב, די שולד; די אָנערקענונג, אַן אויסדרוק פון אַכטונג אָדער איבערגעבענהייט; אין בערג־אַרבייט — א בעשטימטע צאָהל פון אויסגעגראָבענעם ערץ וואָס אַן אַרבייטער בעקומט אַלס געצאָהלט פֿאַר זיין אַרבייט; אָבגעבען אַלס א שטייער אָדער חוב.

trib'ute-mon'ey *n.* (טריב'־יוט־מאָנ'־אי) געלד וואָס ווערט געצאָהלט אַלס צינז אָדער שטייער.

trib'uter *n.* (טריב'־יו־טער) אין בערג־אַרבייט — אַן אַרבייטער וואָס בעקומט אַלס שכירות א געוויסע צאָהל פון דעם אויסגעגראָבענעם ערץ.

trib'ute-work *n.* (טריב'־יוט־הוואירק) אין בערג־אַרבייט — אַרבייט, פֿאַר וועל־כער עס ווערט געצאָהלט א געוויסער טייל פון דעם אויסגעגראָבענעם ערץ.

tricap'sular *a.* (טראַי־קעפּ'־סיו־לאַר) אין באָטאַניק — וואָס האָט דריי זאַמען־קאַפּסולען אויף יעדער בלום; אין זאָאָלאָ־גיע — דריי־צעליג, ענטהאַלטענדיג דריי צעלען.

trice *n. and v.* (טראַיס) אן אויגענבליק, א מאָמענט; אויף א שיף — אַרויפֿציהען מיט א שטריק [ווי די זעגלען, די פֿלאַ־גען א. ד. ג.].

tricel'lular *a.* (טראַי־סעל'־יו־לאַר) דריי־צעליג; וואָס בעשטעהט פון דריי צעלען.

tricenna'rious *a.* (טראַי־סע־נייר'־רי־אָס) וואָס איז שייך צו א פּעריאָדע פון דרייסיג יאָהר.

tricen'nial *a.* (טראַי־סענ'־אי־על) וואָס איז שייך צו א פּעריאָדע פון דרייסיג יאָהר; וואָס טרעפֿט זיך איינמאָל אין דרייסיג יאָהר.

tricen'tenary *a. and n.* (טראַי־סענ'־טע־נע־רי) ז. *tercentenary*.

tricenten'nial *a. and n.* (טראַי־סענ־טענ'־אי־על) ז. *tercentenary*.

triceph'alous *a.* (טראַי־סעפֿ'־ע־לאָס) דריי־קעפּיג; וואָס האָט דריי קעפּ.

triceph'alus *n.* (טראַי־סעפֿ'־ע־לאָס) א משונה'דיגע בריאה מיט דריי קעפּ.

triceps *a. and n.* (טראַי'־סעפּס) אין אַנאַטאָמיע — דריי־קעפּיג; א דריי־קעפּי־גער מוסקול.

trice'rion *n.* (טראַי־סי'־רי־אָן) אַזאַ מנורה מיט דריי לייכטערלעך.

Trich'echus *n.* (טריק'־ע־קאָס) דער מין וואַלראָסען אָדער ים־פֿערד.

trichi'asis *n.* (טרי־קאַי'־ע־סיס) א ניע־רען־קראַנקהייט, ביי וועלכער האָר־אַרטיגע שטאָפֿען געהען אַרויס מיט דער השתנה; א קראַנקהאַפֿטער צושטאַנד, ווען די ברע־מען פון די אויגען זיינען איבערגעקעהרט; אַן אויפֿשוועלונג פון די בריסט ביי א זויגענדער פֿרוי.

trichi'na *n.* (טרי־קאַי'־נאַ) טריכין, דער האָר־וואָרים [א קליינער זעהר דינער וואָרים, וואָס ענטוויקעלט זיך און פּרוכ־פּערט זיך מייסטענס אין קערפּער פון חזירים און איז זעהר שעדליך פֿאַר מענשען וואָס עסען אַזאַ חזיר־פֿלייש.

Trichina

trichini'asis *n.* (טריק־אי־נאַי'־ע־סיס) ז. *trichinosis*.

trichinif'erous *a.* (טריק־אי־ניפֿ'־ע־ראָס) וואָס ענטהאַלט טריכין. ז. *trichina*.

trichiniza'tion *n.* (טריק־אי־ני־זיי'־שאַן) ז. *trichinosis*.

trich'inize *v.* (טריק'־אי־נאַיז) אַנשטע־קען מיט טריכין. ז. *trichina*.

trichi'noscope *n.* (טרי־קאַי'־נאָ־סקאָופּ) א טריכינאָסקאָפּ, אַן אינסטרומענט צו אונטערזוכען פֿלייש אויב עס געפֿינט זיך אין איהם טריכין. ז. *trichina*.

trich'inosed *a.* (טריק'־אי־נאָוזד) אַנ־געשטעקט מיט טריכין. ז. *trichina*.

trichino'sis *n.* (טריק־אי־נאָו'־סיס) טריכינאָז, א קראַנקהייט וואָס ווערט פֿער־אורזאַכט פון עסען פֿלייש, וואָס איז אַנגע־שטעקט מיט טריכין. ז. *trichina*.

trichinot'ic *a.* (טריק־אי־נאָט'־איק) וואָס איז שייך צו טריכינאָז. ז. *trichinosis*.

trich'inous *a.* (טריק'־אי־נאָס) ז. *trichinosed*.

trichocla'sia *n.* (טריק־אָ־קליי'־סי־אַ) א צושטאַנד ווען די האָר ברעכען זיך.

trichocrypto'sis *n.* (טריק־אָ־קריפּ־

טאָו'-סיס) אַן ענטצינדונג פון די האָר=דריזען.

trich'ogen *n.* (טריק'-אַ-דזשען) אַ פּרעפּאַראַט [אַ צוזאַמענגעשטעלטער שטאָף] וואָס מאַכט וואַקסען די האָר.

trichog'enous *a.* (טראַי-קאָדזש'-ע-נאַס) וואָס מאַכט וואַקסען די האָר.

trichol'ogy *n.* (טראַי-קאָל'-אַ-דזשי) די לעהרע וועגען די האָר [זייער אַנאַטאָמיע, קראַנקהייטען, פונקציאָנען א. ד. ג.].

trichopath'ic *a.* (טריק-אַ-פּעטה'-איק) וואָס איז שייך צו אַ קראַנקהייט פון די האָר.

trichop'athy *n.* (טראַי-קאָפּ'-ע-טהי) דאָס היילען אַ קראַנקהייט פון די האָר.

trichop'ter *n.* (טראַי-קאָפּ'-טער) ז. *caddis-fly*.

tri'chord *n. and a.* (טראַי'-קאָהרד) אַ טריכאָרד, אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט מיט דריי סטרונעס; וואָס האָט דריי סטרונעס.

trichorex'is *n.* (טריק-אַ-רעק'-סיס) ברעכיגקייט פון די האָר.

trichorrhe'a *n.* (טריק-אַ-ר[illegible]אַ) האָר=פאַלונג, דאָס אַרויספאַלען פון די האָר.

trichoschi'sis *n.* (טריק-אַס-קאַי'-סיס) שפּאַלטונג פון די האָר.

tricho'sis *n.* (טראַי-קאָו'-סיס) אַ האָר=קראַנקהייט; אַ קאָלטון.

trichot'omous *a.* (טראַי-קאָט'-אַ-מאַס) געטיילט אין דריי; געטיילט דריי=ווייז.

trichot'omously *adv.* (טראַי-קאָט'-אַ-מאַס-לי) דריי=ווייז; נעהמענדיג צו דריי.

trichot'omy *n.* (טראַי-קאָט'-אַ-מי) אַ טיילונג אין דריי טיילען; אין טעאָלאָגיע — די טיילונג פון מענשען אין גוף, נשמה און גייסט.

tri'chroism *n.* (טראַי'-קראָ-איזם) דריי=פאַרביגקייט [וועגען דער אייגענשאַפט פון געוויסע קריסטאַלען אָבצושפּיגלען מיט דריי פערשיעדענאַרטיגע קאָלירען].

trichromat'ic *a.* (טראַי-קראָ-מעט'-איק) דריי=פאַרביג; וואָס האָט דריי קאָלירען.

trichro'mic *a.* (טראַי-קראָו'-מיק) ז. *trichromatic*.

tri'cing-line *n.* (טראַי'-סינג-לאַין) אַ ציה=שטריק, אַ שלעפּ=שטריק [אַ שטריק אַרויפצוציהען אָדער אַרויפצושלעפּען עפּעס אויף אַ שיף].

trick *n. and v.* (טריק) אַ שפּיצעל, אַ שטוקע, אַ המצאה איינעם אָבצונאַרען; אַ פּאַקוס, אַ קונץ; אַ בעטרוג [צוליעב אַ שפּאַס]; אַ נאַרישע אָדער מיאוס'ע טהאַט; אַ כיטראַסט, געשיקטקייט, פלינקקייט; אַן אייגענאַרטיגקייט, אַ זאָנדערבאַרקייט; אַן אַנדייטונג, אַן אָנרעגונג, אַ בעאיינפלוסונג; אַן אילוזיאָן, אַ פערבלענדונג, אַ פערפיהרונג, אַ פערנאַרונג; אַ קלייניגקייט, אַ שפּיעלכעל; אין קאָרטען=שפּיעל — דער שטיך [די קאָרטען וואָס ווערען גענומען אָדער אָבגעשלאָגען אין איין גאַנג]; אויף אַ שיף — די בעשטימטע צייט וואָס אַ מאַטראָז דאַרף שטעהן ביים רודער אָדער שטייער; אַ זייגער [אין גנבים=שפּראַך]; בעטריגען, אָבטהאָן אַ שפּיצעל, בעשווינדלען; אָבנאַרען, פערנאַרען, פערפיהרען; מאַכען קונצען, שפּיעלען, זיך אַמוזירען מיט שטוקעס; קליידען, דעקאָרירען, פּערציערען, בעפּוצען.

trick'-dag'ger *n.* (טריק'-דעג'-ער) אַזאַ קינזשאַל וואָס ציהט זיך צוריק אַריין אין שייד ווען מען ציהט איהם אַרויס.

trick'er *n.* (טריק'-ער) איינער וואָס טהוט אָב אַ שפּיצעל; אַ קונצען=מאַכער.

trick'ery *n.* (טריק'-ער-אי) בעטרוג, שווינדלערישע קונצען; פּוץ, פּערציערונג.

trick'ily *adv.* (טריק'-אי-לי) דורך שטוקעס, דורך אַ שפּיצעל; מיט קונצען.

trick'iness *n.* (טריק'-אי-נעס) ליסטיגקייט, כיטרעקייט.

trick'ing *a. and n.* (טריק'-אינג) מיט שפּיצלעך, מיט שטוקעס; ליסטיג, כיטרע; אָרנאַמענטען, קליינע בעציערונגען.

trick'ish *a.* (טריק'-איש) ליסטיג, כיטרע.

trick'ishly *adv.* (טריק'-איש-לי) מיט שפּיצלעך, מיט שטוקעס; אויף אַ כיטרען, ליסטיגען אופן.

trick'ishness *n.* (טריק'-איש-נעס) כיטרעקייט, ליסטיגקייט.

trick'le *v. and n.* (טריקל) טריפּען, קאַפּען; פליסען אין אַ קליינעם שטראָם; אַ קליינער פלוס.

trick'let *n.* (טריק'-לעט) אַ קליינער שטראָם; אַ קליינער פלוס.

trick'ly *adv.* (טריק'-לי) אויף אַ געשיקטען שטייגער; מיט געשיקטקייט, מיט קענטשאַפט; כיטרע, ליסטיג.

trick'maker *n.* (טריק'-מיי-קער) אין קאָרטען=שפּיעל — אַ פּערזאָן אָדער קאָרט וואָס שלאָגט אַלע קאָרטען.

trick'sey *a.* (טריק'-סי) ז. *tricksy*.

trick'siness *n.* (טריק'-סי-נעס) שטיפּעריי, שפּיעלעריי; געשיקטקייט, פלינקקייט.

tricks of the trade (טריקס אָוו טהי טרייד) די שפּיצלעך אָדער שטוקעס פון אַ פאַך [די המצאות אָדער די בעזונדערע מיטלען, מיט וועלכע אַ קענער פון זיין פאַך ציהט צו קונים אָדער בעזיעגט זיינע קאָנקורענטען].

trick'some *a.* (טריק'-סאָם) מיט שפּיצלעך, מיט שטוקעס; שטיפּעריש, שפּיעלעריש.

trick'ster *n.* (טריק'-סטער) אַ בעטריגער, אַ שווינדלער, אַ רמאי.

trick'sy *a.* (טריק'-סי) געשיקט, פלינק; ליסטיג, כיטרע; אילוזאָריש; פערבלענדעריש, פערפיהרעריש; שפּיעלעריש, שפּיעליג; שעהן, בעפּוצט, בעציערט.

trick'-track *n.* (טריק'-טרעק) אַ מין שפּיעל אין ביינדלעך.

trick'-wig *n.* (טריק'-הוויג) אַן אַקטיאָרען=פּאַרוק, וואָס איז געמאַכט אַזוי, דאָס די האָר קענען זיך שטעלען דיבאָם ווען מען וויל.

trick'y *a.* (טריק'-אי) שעלמיש, בעטריגעריש; שטיפּעריש.

tric'linate *a.* (טריק'-לי-נייט) ז. *triclinic*.

triclin'iary *a.* (טראַי-קלינ'-אי-ע-רי) וואָס איז שייך צו אַ טריקליניום. ז. *triclinium*.

triclin'ic *a.* (טראַי-קלינ'-איק) טריקליניש, מיט דריי ניט גלייכע אַקסען, וואָס שטעהען משופּע'דיג איינער איבער'ן אַנדערען [וועגען קריסטאַלען].

triclin'ium *n.* (טראַי-קלינ'-אי-אַם) דאָס טריקליניאום, דאָס שפּייז=צימער פאַר געסט ביי די פאַרצייטיגע רוימער [אַזאַ שפּייז=צימער האָט געהאַט דריי צוגעגרייטע זאָפאַס אָדער בענקלעך אַרום דריי זייטען פון טיש].

triclinohed'ric *a.* (טראַי-קלאַי-נאָ-העד'-ריק) ז. *triclinic*.

tri'color *a. and n.* (טראַי'-קאַל-אַר) דריי=פאַרביג; מיט דריי קאָלירען; אַ דריי=פאַרביגע פאָהן [ווי דער נאַציאָנאַלער פראַנצויזישער אָדער רוסישער פלאַג].

tri'colored *a.* (טראַי'-קאַל-אַרד) דריי=פאַרביג, מיט דריי קאָלירען.

tricol'orous *a.* (טראַי-קאַל'-אַר-אַס) דריי=פאַרביג; מיט דריי קאָלירען.

tri'corn *a. and n.* (טראַי'-קאָהרן) מיט דריי הערנער; אַ הוט ביי וועלכען די ראַנדען זיינען אַרויפגעבויגען אין דריי זייטען [ווי די היט פון די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען].

tricornig'erous *a.* (טראַי-קאָהר-נידזש'-ע-ראַס) מיט דריי הערנער.

tri'cot *n.* (טרי'-קאָו) טריקאָ, געשטריקטער וואָלען=שטאָף; אַזאַ ווייכער וואָלען=שטאָף וואָס זיין געוועב זעהט אויס ווי געשטריקט.

tricru'ral *a.* (טראַי-קרוה'-רעל) וואָס האָט דריי צווייגען אָדער פיס פון איין צענטער.

tric'-trac *n.* (טריק'-טרעק) ז. *trick-track*.

tricus'pid *a. and n.* (טראַי-קאַס'-פּיד) דריי=שפּיציג, מיט דריי שפּיצען; די דריי=שפּיציגע קלאַפּע פון האַרץ; אַ דריי=שפּיציגער צאָהן.

tricus'pidal *a.* (טראַי-קאַס'-פּי-דעל) ז. *tricuspid*.

tricus'pid valve (טראַי-קאַס'-פּיד וועלוו) די דריי=שפּיציגע קלאַפּע פון האַרץ. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

tri'cycle *n. and v.* (טראַי'-סיקל) אַ וועלאָסיפּעד מיט דריי רעדער; פאָהרען אויף אַזאַ וועלאָסיפּעד.

Tricycle

tri'cycler *n.* (טראַי'-סי-קלער) ז. *tricyclist*.

tri'cyclist *n.* (טראַי'-סי-קליסט) איינער וואָס פאָהרט אויף אַ וועלאָסיפּעד מיט דריי רעדער.

tridac'tyl *a.* (טראַי-דעק'-טיל) דריי=פינגעריג; מיט דריי פינגער.

tridac'tyle *a.* (טראַי-דעק'-טיל) ז. *tridactyl*.

tridac'tylous *a.* (טראַי-דעק'-טי-לאַס) דריי=פינגערדיג, מיט דריי פינגער [וועגען די פיס פון חיות].

tridai'ly *a.* (טראַי-דיי'-לי) וואָס קומט פאָר דריי מאָל אַ טאָג.

tride *a.* (טראַיד) ראַש, שנעל, געשווינד [וועגען דעם גאַנג פון פערד].

tri'dens *n.* (טראַי'-דענז) אַ דריי=צייהניגער אינסטרומענט.

tri'dent *n.* (טראַי'-דענט) אַ גאָפּעל=פערמיגער אינסטרומענט מיט דריי צייהנער; דער שפּיעז מיט דריי שפּיצען אַלס כאַראַקטעריסטישער צייכען פון רוימישען ים=גאָט נעפּטון [ז. *Neptune*]; די הערשונג אָדער דאָס געוועלטיגען איבער'ן ים; אַ שפּיעז מיט דריי שפּיצען אַלס געוועהר אין די הענד פון אַ גלאַדיאַטאָר אין אַלטען רוים [ז. *gladiator*]; אין געאָמעטריע — די טרידענטע [אַזאַ דריי=צאַקיגע מאַטעמאַטישע ליניע].

triden'tate *a.* (טראַי-דענ'-טייט) מיט דריי צייהנער.

triden'tated *a.* (טראַי-דענ'-טיי-טעד) ז. *tridentate*.

triden'ted *a.* (טראַי-דענ'-טעד) דריי-
צייהניג, מיט דריי צייהנער.
tridentif'erous *a.* -(טראַי-דענ-טיפ'-ע-
ראַס) מיט דריי צאַקען אָדער צייהנער.
Triden'tine *a. and n.* -(טראַי-דענ'-
טין) וואָס איז שייך צו דער טרידענטישער
אַסיפה איבער רעליגיעזע פראַגען [די
אַסיפה, וועלכע איז צוזאַמענגערופען גע-
וואָרען אין דער שטאָדט טרענט אין יאָהר
1545 פון קייזער קאַרל דעם פינפטען און
פון פּאַפּסט פּאַול דעם דריטען מיט דעם
צוועק איינצופיהרען אַ רעליגיעזע קריסט-
ליכע איינינקייט, וועלכע איז צושטערט גע-
וואָרען אַדאַנק דער רעפאָרמאַציאָן. אויף
דיעזער אַסיפה איז בעפעסטיגט געוואָרען
די קאַטוילישע רעליגיאָן]; אַ טרידענטי-
נער, אַ קאַטוילִיק.
tridiam'etral *a.* -(טראַי-דאַי-עמ'-ע-
טרעל) וואָס האָט דריי דיאַמעטערס.
ז. *diameter*
tridiapa'son *n.* (טראַי-דאַי-ע-פּיי'-זאָן)
אין מוזיק — אַ דרייפאַכע אָקטאַווע.
tridig'itate *a.* (טראַי-דידזש'-אי-טייט)
ז. *tridactyl*
tridimen'sional *a.* -(טראַי-די-מענ'-
שאָנ-על) וואָס האָט דריי דימענזיאָנען;
וואָס קען געמאָסטען ווערען אין דער לענג,
ברייט און הויך.
trid'uan *a.* (טריד'-יו-ען) וואָס דויערט
דריי טעג.
trid'uo *n.* (טריד'-יו-אָו) ז. *triduum*
tridu'um *n.* (טריד-יו'-אָם) אַ משך פון
דריי טעג.
tried *a.* (טראַיד) אויסגעפּרובירט, דער-
וויזען; פעסט, זיכער.
trien'nial *a. and n.* (טראַי-ענ'-אי-על)
דריי-יעהריג; וואָס דויערט דריי יאָהר;
וואָס קומט פאָר אַלע דריי יאָהר; עפּעס
וואָס טרעפט איין מאָל אין דריי יאָהר;
אַ פלאַנצע וואָס האַלט זיך דריי יאָהר.
trien'nially *adv.* (טראַי-ענ'-אי-על-אי)
איין מאָל אין דריי יאָהר; אַלע דריי יאָהר.
tri'ens *n.* (טראַי'-ענז) — אין אַלטען רוים
אַ טריענץ, אַ קופּערנע מטבע, אַ פיערטעל
פון אַן אַס.
tri'er *n.* (טראַי'-ער) אַ פּרובירער, אַ
פּרופער. איינער וואָס מאַכט פּראָבען; אַ
פּערזוך, אַ נסיון; אַ פערהער-ריכטער, אַן
אונטערזוכונגס-ריכטער; איינער וואָס איז
בעשטימט פון געריכט צו אונטערזוכען די
פּאַסיגקייט פון געריכטס-געשוואָרענע.
tri'erarch *n.* (טראַי'-ער-אַרק) אין אַלט-
גריכענלאַנד — אַ טריעראַרך, אַ קאָמאַנדיר
פון אַ טרירעמע [אַ קריעגס-שיף מיט דריי
דעקען און דריי ציילען רודערער].
tri'erarchal *a.* (טראַי'-ער-אַר-קעל) וואָס
איז שייך צו אַ טריעראַרך. ז. *trierarch*
tri'erarchy *n.* (טראַי'-ער-אַר-קי)
טריעראַרכיע, דאָס אַמט פון אַ טריעראַרך.
ז. *trierarch*
trieter'ical *a.* (טראַי-ע-טער'-אי-קעל)
וואָס פּאַסירט איין מאָל אין דריי יאָהר.
trifa'cial *a. and n.* (טראַי-פיי'-שעל)
וואָס איז שייך צום געזיכטס-נערוו, וועל-
כער פערצווייגט זיך אין דריי טיילען;
דער דריי-צווייגיגער געזיכטס-נערוו.
trifa'rious *a.* (טראַי-פיי'-רי-אַס) דריי-
פאַכיג, אין דריי ציילען.
tri'fid *a.* (טראַי'-פיד) אין באָטאַניק און
זאָאָלאָגיע — דריי-שפּאַלטיג, געשפּאַלטען
אין דרייען.
trifis'tulary *a.* (טראַי-פיס'-טשו-לע-רי)
דריי-רעהריג, מיט דריי רעהרען.
tri'fle *n. and v.* (טראַיפל) 1. דומהייט,
קינדישע פלוידערײַ, פּוסטע דבורים; 2. אַ
קליינינקייט, אַ נאַרישקייט, אַן אונוויכטיג-
קייט; 3. אַביסעל, עטוואָס; 4. ענגלישער
ציז, ספּיאַלטער; 5. אַזאַ געבעקס; 6. זיך
נאַריש מאַכען; טרייבען קאַטאָוועס, שפּאַ-
סען; שפּאַסען; זיך לוסטיג מאַכען; רע-
דען נאַרישקייטען, זיך פערנעהמען מיט
נאַרישקייטען און קליינינקייטען, פערשווענ-
דען צייט אויף נאַרישקייטען; זיך בעצי-
הען לייכט, נאַכלעסיג אָדער מיט גרינגשע-
צונג; 7. זיך אַרומשלעפּען.

2. I bought some **trifles** as souvenirs of my journey. 3. My wife is a **trifle** indisposed. 6. Let us not **trifle** with foolish plans.

tri'fle away' (טראַיפל ע-הוויי') פער-
שווענדען, אַוועק'פּטר'ען מיט נאַרישקייטען
[ווי למשל, צייט].
tri'fler *n.* (טראַי'-פלער) איינער וואָס
גיט זיך אָב מיט נאַרישקייטען; איינער
וואָס שפּיעלט זיך אַרום, איינער וואָס בע-
ציהט זיך לייכט אָדער גרינגשעצענד; איי-
נער וואָס רעדט אָדער האַנדעלט קינדיש.
tri'fling *a. and n.* (טראַי'-פלינג) אונ-
בעדייטענד, פון קליינעם ווערטה; פּוסט,
לעער; איבערפלעכליך; וואָס מאַכט זיך
נאַריש, וואָס בעציהט זיך לייכט; שפּאַס,
קאַטאָוועס; דאָס אַרומשפּיעלען זיך; קינ-
tu'nicate *a. and n.* (טיו׳-ני-קייט) הויט= טיג, איינגעהילט אין אַ הייטעל; איינגע= הילט איינס אין צווייטען, אַריינגעשטעקט איינס אין צווייטען ווי אַ רייה פינגער= הוטען [וועגען פלאַנצען=טיילען און פלאַנ= צען=שיכטען]; אַ מאַנטעל=טהיער, אַ ים= זאַק [ז. *Tunicata*].

tu'nicated *a.* (טיו׳-ני-קיי-טעד) הויטיג, מיט אַ הויט; איינגעהילט, צוגעדעקט. ז. *tunicate*

tu'nicle *n.* (טיו׳-ניקל) אַ הייטעל, אַ הייטעלע; אַ גלח'שער מאַנטעל אָדער קי= טעל.

tunic'ulated *a.* (טיו-ניק׳-יו-ליי-טעד) בעדעקט מיט אַ היי= טעל.

tu'ning *n.* (טיו׳-נינג) דאָס שטי= מען, אָנשטעלען אָדער רעגולירען אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט.

tu'ning-fork *n.* (טיו׳-נינג-פּאָהרק) אַ שטים=גאָפּעל, אַ קאַמער= טאָן.

Tuning-fork

tu'ning-ham'mer *n.* (טיו׳-נינג-העמ׳-ער) אַ שטים=האַמער [אַ האַמער=עהנליכער שרויפען=שליסעל צום שטימען, רעגולירען אָדער אָנשטעלען קלאַווירען].

Tuning-hammer

tu'ning-key *n.* (טיו׳-נינג-קיע) ז.

שרויף־שליסעל צום שטימען אדער אנשטע־לען קלאווירען אדער פיאנאס. ז. *tuning-hammer*

tu'ning-knife *n.* (טיו'־נינג־נאיף) ז. *reed-knife*

tunk *n.* (טאנק) א קלאפ, א שלאג.

Tun'ker *n.* (טאנ'־קער) ז. *Dunker*

tun'-moot *n.* (טאנ'־מוהט) א שטאדטי־שער אדער דארפישער געריכטס־הויף, פער־זאמלונגס־פלאץ אדער פערזאמלונג פאר־צייטענס אין ענגלאנד.

tun'nage *n.* (טאנ'־עדזש) א פארצייטי־גער שטייער [פער טאן] אויף אימפאר־טירטען ויין אין ענגלאנד.

tun'nel *n.* and *v.* (טאנ'־על) א לייקע; א רעהר, א רויך־רעהר, א קוימען; א נעץ; א טונעל, אן אונטער־ערדישער דורכגאנג; מאכען ווי א לייקע; פאנגען מיט א לייקע־עהנליכער נעץ; גראבען א טונעל.

tun'nel-kiln *n.* (טאנ'־על־קיל) א קאלך־אויוועז געהייצט מיט שטיין־קויהלען.

tun'nel-net *n.* (טאנ'־על־נעט) א טאנען־נעץ [א לייקע־עהנליכע נעץ].

tun'nel-pit *n.* (טאנ'־על־פיט) ז. *tunnel-shaft*

tun'nel-shaft *n.* (טאנ'־על־שעפט) א טונעל־שאכט [א גרוב אדער עפנונג פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד צו א טונעל].

tun'ning *n.* (טאנ'־אינג) ברייען [ביער]; ביער וואס ווערט אויסגעברייט פאר איין מאל; דאס ארייננגיסען אין א פאס.

tun'ning-cask *n.* (טאנ'־אינג־קעסק) א כלי פאר איבערגעאיהרטען ביער.

tun'ny *n.* (טאנ'־אי) דער טהונפיש [א מין מאקרעל־עהנליכער פיש].

tu'ny *a.* (טיו'־ני) וואס האט א סך קלאנ־גען אדער מעלאדיע, מעלאדיש.

tup *n.* and *v.* (טאפ) א באראן; די שלאג־פלעכע פון א מאשין־האמער; האבען געשלעכטליכען פערקעהר [הויפטזעכליך וועגען שאף].

tu'pelo *n.* (טיו'־פע־לאו) דער טופעלא־בוים אדער קארק־ווארצעל בוים [אזא אמעריקאנישער בוים מיט א לייכטען האלץ].



Tupelo

tu'pelo tent (טיו'־פע־לאו טענט) א שטעקעל פון דעם האלץ פון טופעלא־בוים צום אויסברייטען די עפנונג אין דער גע־בעהר־מוטער.

tup'-man *n.* (טאפ'־מען) איינער וואס האדעוועט באראנעס אדער האנדעלט מיט באראנעס.

tup'see *n.* (טאפ'־סיע) דער מאנגא־פיש. ז. *mango-fish*

tuque *n.* (טיוק) אזא קאנאדישעס גע־שטריקטעס היטעל.

tu quo'que (טיו קהוואו'־קהווי) דו אויך; אן ענטפער אויף א בעשולדיגונג מיט אן עהנליכער בעשולדיגונג.

The **tu quoque** argument is never a conclusive one.

tur *n.* (טוהר) דער אור אדער אויער־אקס. ז. *urus*

tu'racin *n.* (טוה'־רע־סין) דער רויטער פארב־שטאף אין די פעדערען פון א טו־ראקו. ז. *turacou*

tu'racou *n.* (טוה'־רע־קוה) דער טוראקו [אזא אפריקאנישער פויגעל מיט רייך־קא־לירטע רויטע און העל־גרינע פעדערען, מיט רויטע אויגען און זעהר א שעהנעם טשוב].

Turacou

tu'rakoo *n.* (טוה'־רע־קוה) ז. *turacou*

tur'ba *n.* (טויר'־בא) דער כאר אין א מיטעלאלטערליכער רעליגיעזער פארשטע־לונג פון יעזוס'עס ליידען און טויט [דער כאר האט מיט זיך פארגעשטעלט די אי־דישע בעפעלקערונג].

tur'ban *n.* (טויר'־בען) א טורבאן, א מאכמעדאנישער קאפ־צודעק [בעשטעהט פון א שאל אדער טוך ארומגעדרעהט ארום קאפ אויף א געווויסען אופן]; א קאפ־צודעק אדער הוט עהנליך צו א טורבאן; די ווינדונג אדער ספיראלע פון א שנעק.

Turban

tur'baned *a.* (טויר'־בענד) וואס טראגט א טורבאן. ז. *turban*

tur'ban-shell *n.* (טויר'־בען־שעל) דער טערקען־בונד, די איינהילונג פון א ים־יא־זשיק [אזא ים־חיה'לע. ז. *sea-urchin*].

tur'ban-stone *n.* (טויר'־בען־סטאון) א טורבאן־מצבה, א מאכמעדאנישע מצבה מיט אן אויסגעקריצטען טורבאן. ז. *turban*

tur'bary *n.* (טויר'־בע־רי) טארף־גרונד, א געגענד בעוואקסען מיט טארף; דאס רעכט צו גראבען טארף אויף פרעמדען באדען.

tur'bid *a.* (טויר'־ביד) צובויטשעט; מוטנע; צומישט, אין אונארדנונג; אונ־רוהיג, אויפגערעגט, שטירמיש.

turbid'ity *n.* (טויר־ביד'־אי־טי) ז. *turbidness*

tur'bidly *adv.* (טויר'־ביד־לי) מוטנע, צובויטשעט; מיט העפטיגקייט, שטורמדיג; אין אונארדנונג.

tur'bidness *n.* (טויר'־ביד־נעס) מוטנע־נעקייט; צומישטקייט; אונרוהיגקייט, אויפגערעגטקייט.

turbil'lion *n.* (טויר־ביל'־יאן) א ווירר־בעל.

turbina'ceous *a.* (טויר־בי־ניי'־שיאס) טארף־ארטיג, טארפיג, וואס איז שייך צו טארף.

tur'binal *a.* and *n.* (טויר'־בי־נעל) דריידעל־פערמיג, געדרעהט; ספיראל; שוואמארטיג, מיט לעכלעך; עהנליך צו אן איבערגעקעהרטען קאנוס [א פיגור עהנליך צו א היטעל צוקער]; א געדרעהטעסביינדעל [ווי למשל, אין דער נאז].

tur'binate *a.* and *v.* (טויר'־בי־נייט) קרייזעל־פערמיג, ווי א דריידעל; געדרעהט; ספיראל־פערמיג; עהנליך צו אן איבערגע־קעהרטען קאנוס; זיך דרעהענד; שוואמ־ארטיג, מיט לעכעלעך; מאכען קרייזעל־פערמיג אדער דריידעל־פערמיג.

turbina'tion *n.* (טויר־בי־ניי'־שאן) דרעהונג; א דריידעל־פערמיגע בעוועגונג; קרייזעל־פערמיגקייט, דריידעל־פערמיגקייט, קאנוס־פערמיגקייט; א דריידעל־פערמיגע זאך.

tur'bine *n.* (טויר'־בין) א טורבינע, א האריזאנטאלער וואסער־ראד.



Turbine

tur'bine-pump *n.* (טויר'־בינ־פאמפ) א פומפ וואס ארבייט מיט דער הילף פון א טורבינע [א האריזאנטאלער וואסער־ראד].

tur'bine wheel (טויר'־בין הוויעל) ז. *turbine*

tur'biniform *a.* (טויר'־בי־ני־פארם) דריידעל־פערמיג, קרייזעל־פערמיג.

tur'binoid *a.* (טויר'־בי־נאיד) ז. *turbiniform*

tur'bit *n.* (טויר'־ביט) די מעווע־טויב, די טשאיקע טויב [א מין הויז־טויב].

tur'bith *n.* (טויר'־ביטה) ז. *turpeth*

tur'bot *n.* (טויר'־באט) א מין גרויסער פלאנדער־פיש.

tur'bulence *n.* (טויר'־ביו־לענס) א טו־מעל, א סומאטאכע; אן אויפרוהר; אונ־רוהיגקייט, געטימעל; שטירמישקייט, העפ־טיגקייט.

tur'bulency *n.* (טויר'־ביו־לענ־סי) ז. *turbulence*

tur'bulent *a.* (טויר'־ביו־לענט) שטיר־מיש, אונרוהיג; טומעלדיג; אויפריהרע־ריש, מיאטעזשנע.

tur'bulently *adv.* (טויר'־ביו־לענט־לי) אויף אן אונרוהיגען, אויפריהרערישען אדער טומעלדיגען אופן.

Tur'cism *n.* (טויר'־סיזם) די טערקישע רעליגיאן, מנהגים, כאראקטער אדער מא־ניערען.

Tur'co *n.* (טויר'־קאו) א טורקא [א פראנצויזיש־אלזשירער אראבישער אינ־פאנטעריסט אדער פוס־סאלדאט].

Tur'coman *n.* (טויר'־קא־מען) ז. *Turkoman*

Tur'cophile *n.* (טויר'־קא־פיל) א טור־

קאפיל, אן אנהענגער פון די טערקען און פון אלעס וואס איז טערקיש.
Tur'cophobist *n.* (טויר'–קא–פאו–ביסט) א טורקאפאב, א פיינד פון אלעס וואס איז טערקיש.
turd *n.* (טוירד) טנוף, דרעק; מיסט־גונג; א שטיק טנוף.
Tur'didæ *n.* (טויר'–די–דיע) דער מין דראסעלען [אזעלכע זינג־פויגעלעך] און דראסעל־עהנליכע פויגלען.
tur'diform *a.* (טויר'–די–פארם) דראסעל־עהנליך, עהנליך צו א דראסעל [אזא זינג־פויגעלע]; וואס בעלאנגט צום מין דראסעלען.
tur'dine *a.* (טויר'–דין) ז. ***turdiform***.
Tur'dus *n.* (טויר'–דאס) א מין דראסעלען [אזעלכע פויגעלעך].
tureen' *n.* (טיו–ריען') א טערינע, א טיעפע שיסעל מיט א צודעק, א זופ־שיסעל.
turf *n. and v.* (טוירף) א גראז־בעדעק אויף דער ערד, גראז־ערד; טארף, ברען־ערד; דאס וועט־לויפען פון פערד; דאס האלטען פערד צום וועט־לויפען; בעלעגען מיט גראז־ערד.
turf'-ant *n.* (טוירפ'–ענט) די טארף־מוראשקע [אזא געלבליכע אייראפעאישע מוראשקע, וואס האלט זיך אין טארף־גע־געגנדען].
turf'-char'coal *n.* (טוירפ'–טשאר'–קאול) קויהלען פון איבערגעברענטען טארף.
tur'fen *a.* (טוירפן) בעדעקט מיט גראז־ערד.
tur'finess *n.* (טויר'–פי–נעס) גראז־ערדיגקייט, רייכקייט אין גראז־ערד, דאס זיין בעדעקט מיט טארף.
tur'fing-i'ron *n.* (טויר'–פינג–אי'–ערן) ז. ***turfing-spade***.
tur'fing-spade *n.* (טויר'–פינג–ספייד) א טארף־גראב־אייזען, א גראב־אייזען צום אויסגראבען גראז־ערד אדער טארף.
tur'fite *n.* (טויר'–פאיט) ז. ***turfman***.
turf'-knife *n.* (טוירפ'–נאיף) א טארף־שטעכער, אן אינסטרומענט צו בעצייכנען דעם פלאץ וואו צו גראבען א רינע אדער גראבען.
turf'man *n.* (טוירפ'–מען) איינער וואס איז פערקאכט אין וועט־לויף פון פערד.
turf'-moss *n.* (טוירפ'–מאהס) א זומפיגע געגענד, א פלאץ בעדעקט מיט טארף אדער מאך.
turf'-plow *n.* (טוירפ'–פלאו) ז. ***sod-plow***.
turf'-spade *n.* (טוירפ'–ספייד) ז. ***turfing-spade***.
turf'-worm *n.* (טוירפ'–הוואירם) ז. ***sod-worm***.
tur'fy *a.* (טויר'–פי) גראזיג, פול מיט גראז, רייך אין גראז־ערד; טארפיג, רייך אין ברען־ערד; וואס איז שייך צום וועט־לויף פלאץ [פאר פערד]; וואס איז שייך צו פערד וועט־לויף; ספארטיש.
tur'gent *a.* (טויר'–דזשענט) געשוואלען; אויפגעשוואלען; אויפגעבלאזען, אויפגע־גאנגען.
turges'cence *n.* (טויר–דזשעס'–ענס) אן אויפשוועלונג; א געשווילעכץ; באמבאסטיק, באמבאסטישע רייד, אויפגעבלאזענ־קייט.
turges'cency *n.* (טויר–דזשעס'–ענ–סי) ז. ***turgescence***.
turges'cent *a.* (טויר–דזשעס'–ענט) אויפגעשוואלען, געשוואלען.
turges'cible *a.* (טויר–דזשעס'–איבל) וואס קען אויפגעשוואלען ווערען.
tur'gid *a.* (טויר'–דזשיד) אויפגעשוואלען, געשוואלען; באמבאסטיש, אויפגעבלאזען.
turgid'ity *n.* (טויר–דזשיד'–אי–טי) געשוואלענקייט, אויפגעשוואלענקייט; באמבאסטיק, באמבאסטישע רייד, אויפגעבלאזענקייט.
tur'gidly *adv.* (טויר'–דזשיד–לי) אויפגעשוואלען; באמבאסטיש, אויפגעבלאזען.
tur'gidness *n.* (טויר'–דזשיד–נעס) ז. ***turgescence***.
tu'rio *n.* (טיו'–רי–או) ז. ***turion***.
tu'rion *n.* (טיו'–רי–אן) אן ארויסשפראצונג פון א נייעם שטענגעל [פון דעם ווארצעל].
turionif'erous *a.* (טיו–רי–א–ניפ'–ע–ראס) שפראצענד, וואס בריינגט ארויס שפראצונגען פון נייע שטענגלעך [פון דעם ווארצעל].
Turk *n.* (טוירק) א טערק; א מאכמעדאנער; א ווילדער, א בארבאר; א טאטער; א טערקישעס פערד.
Tur'kess *n.* (טויר'–קעס) א טערקין, א טערקישע פרוי.
tur'key *n.* (טויר'–קי) אן אינדיק, אן אינדיטשקע.

Turkey

Tur'key *n.* (טויר'–קי) טערקיי.
tur'key-buz'zard *n.* (טויר'–קי–באז'–ארד) דער אמעריקאנער גייער [אזא גרויסער שווארצליכער פויגעל מיט א נאקעטען אונבעפעדערטען קאפ און האלז, וועלכער געפינט זיך אין די ווארימערע געגענדען פון אמעריקא].
tur'key-call *n.* (טויר'–קי–קאהל) אן אינסטרומענט ארויסצובריינגען קלאנגען וואס זיינען עהנליך צום געשריי פון אן אינדיק [געברויכט צום פערנארען אינדיקעס].
tur'key-cock *n.* (טויר'–קי–קאק) אן אינדיק; א נארישער בעל־גאוה.
tur'key-gnat *n.* (טויר'–קי–נעט) אזא קליינע שווארצע פליעג, וועלכע בעלעסטיגט די הויז־עופות אין די זידליכע און וועסטליכע טיילען פון אמעריקא.
tur'key-gob'bler *n.* (טויר'–קי–גאב'–לער) אן אינדיק.
tur'key-hen *n.* (טויר'–קי–הען) אן אינדיטשקע.
tur'key-louse *n.* (טויר'–קי–לאוס) אזא לויז, וואס בעלעסטיגט די הויז־עופות, בעזאנדערס אינדיקעס.
tur'key-pen *n.* (טויר'–קי–פען) אזא פאסטקע צו כאפען אינדיקעס.
tur'key-poult *n.* (טויר'–קי–פאולט) א יונג אינדיקעל.
Tur'key red (טויר'–קי רעד) טערקיש־רויט [אזא העל־רויטע פארב]; אזא באוועל־שטאף פון העל־רויטען קאליר.
Tur'key-stone *n.* (טויר'–קי–סטאון) אזא פיין־קערענדיגער קיעזעל־שטיין פון געלבליכען אדער בלויליכען קאליר.
tur'key-vul'ture *n.* (טויר'–קי–וואל'–טשור) ז. ***turkey-buzzard***.
Tur'kic *a.* (טויר'–קיק) טערקיש.
tur'kis *n.* (טויר'–קיס) ז. ***turquoise***.
Tur'kish *a. and n.* (טויר'–קיש) טערקיש; וואס איז שייך צו טערקיי אדער צו די טערקען; די טערקישע שפראך.
Tur'kish bath (טויר'–קיש בעטה) א טערקיש באד, א שוויץ־באד.
Tur'kishly *adv.* (טויר'–קיש–לי) מעשה טערק, אויף א טערקישען אופן.
Tur'kish pound (טויר'–קיש פאונד) א טערקישע לירא, א טערקישער פונט [א טערקישע גאלדענע מטבע פון אונגעפעהר 4 אמעריקאנער דאלאר מיט 40 סענט].
Tur'kish tobac'co (טויר'–קיש טא–בעק'–או) טערקישער טאבאק [א גוטער זארט טאבאק וואס ווערט קולטיווירט אין טערקיי].
Turk'man *n.* (טוירק'–מען) ז. ***Turkoman***.
Tur'ko *n.* (טויר'–קאו) ז. ***Turco***.
turkois' *n.* (טויר–קאיז') ז. ***turquoise***.
Tur'koman *n.* (טויר'–קא–מען) א טורקמען, א טורקאמאן [איינער פון דער טערקישער אדער טאטערישער בעפעלקערונג אין טורקעסטאן].
Turk's'-cap *n.* (טוירקס'–קעפ) דער טערקען־בונד [אזא ליליע]; דער מעלאנען־קאקטוס [אזא בלומען־פלאנצע. ז. ***melon-cactus***]; די אמעריקאנער זומפ־ליליע [ז. איל.].


Turk's-cap

Turk's'-cap lil'y (טוירקס'–קעפ ליל'–אי) די אמעריקאנער זומפ־ליליע. ז. ***Turk's-cap***.
Turk's'-head *n.* (טוירקס'–העד) דער מעלאנען־קאקטוס [ז. ***melon-cactus***]; א טערקישער קנופ [אזא שלייף אדער קנופ וואס מען מאכט ארום א דיקען שיף־שטריק מיט א דינעם שטריקעל]; אזא לאנגער בעזים אבצוקעהרען די סטעליע [סופיט]; אזא פאן צום באקען קוכען.
Turk's'-tur'ban *n.* (טוירקס'–טויר'–בען) אזא גראז־ארטיגע פלאנצע מיט געלבער בליהונג. ז. ***crowfoot***.
Tur'lupin *n.* (טויר'–לו–פין) א טורלופינער [א מיטגליעד פון א געוויסער רעפארמאטארישער קריסטליכער סעקטע אין 14טען יאהרהונדערט אין פראנקרייך].
turm *n.* (טוירם) א קאמפאניע סאלדאטען, א קאמפאניע קאוואלעריע. ז. ***turma***.
tur'ma *n.* (טויר'–מא) א קאמפאניע רייט־

סאלדאטען [קאוואלעריע] פון 30 אדער 32 אין אלטען רוים.

tur'malin *n.* (טויר'-מע-לין) ז. ***tourmalin***.

tur'maline *n.* (טויר'-מע-לין) ז. ***tourmalin***.

tur'meric *n.* (טויר'-מע-ריק) דער אינדישער זאפראן; דאס קאנאדישע בלוטקרויט [אזא פלאנצע].

tur'meric-plant *n.* (טויר'-מע-ריק-פלענט) די אינדישע זאפראן=פלאנצע.

tur'merol *n.* (טויר'-מע-ראל) דער אויל פון אינדישען זאפראן. ז. ***turmeric***.

tur'moil *v. and n.* (טויר'-מאיל) בעאונרוהיגען, שטערען, פלאגען, בעלעסטיגען; אן אויפרוהר, אן אונרוהיגקייט, א טומעל, א צומישעניש.

turn *v. and n.* (טוירן) דרעקסלען, טאקען; אבדרעקסלען, אבטאקען; זיך לאזען דרעקסלען; דרעהען; אומדרעהען; זיך דרעהען; זיך איבערדרעהען; קעהרען, איבערקעהרען; אומקעהרען; זיך איבערקעהרען; זיך אומקעהרען; ווענדען, ריכטען; ענדערען די ריכטונג; זיך ווענדען, זיך ריכטען; נעהמען א נייע ריכטונג; דרעהען דעם מח, דרעהען דעם קאפ, איבערלעגען אדער בעטראכטען פון פערשיעדענע שטאנדפונקטען; איבערליפערען, איבערגעבען; איבערזעצען [פון איין שפראך אין א צווייטער]; בעקעהרען [צו אן אנדער פארטיי, מיינונג, גלויבען א. ז. וו.]; אומענדערען, פערוואנדלען, ענדערען; זיך פערוואנדלען, זיך ענדערען; ווערען; ענדערען די שטעלונג, רעגולירען; זיך שטעלען אנטקעגען; זויער ווערען; פערדארבען ווערען; איבעל ווערען, ניט גוט ווערען; בעקומען שווינדעל אין קאפ, פערדרעהט ווערען [וועגען קאפ]; ווערען אין כעס, וויטענד ווערען; א דרעהונג; אן אומדרעהונג, א קרייז=בעוועגונג; אן אבדרעהונג, אן אבקעהרונג פון דער ריכטונג, אן אבווענדונג; דער פונקט וואו מען ענדערט די ריכטונג; אן אומקעהרונג; אן אומקעהרונגס=פונקט; אן אבבויגונג פון דער ריכטונג; א בויגונג, א קרימונג; אן איבערבייטונג, א וועקסלונג, אן ענדערונג, אן איבערקעהרעניש; א ווענדע=פונקט, אן ענדערונגס=פונקט, א קריזיס; א ווענדונג, א ריכטונג; א נייגונג; א פארם, א געשטאלט; אן אייגענטימליכע פארם; א מאדע; איין ארומדרעהונג אדער בויגעל פון א צונויפגעראלטען שטריק; א קורצער שפאציערגאנג, א פראמענאדע; אן אטשערעד, א רייה; א געלעגענהייט; אן ארבייטס=געלעגענהייט, פערדיענסט=געלעגענהייט; א טהאט, א האנדלונג; א כיטרער איינפאל, א שפיצעל; א נויטיגע בעקוועמליכקייט, א בעדערפניש, א הצטרכות; א נערווען=ערציטערונג, א נערווען=צוטרייסלונג; אן אויפרודערונג פון די נערווען; אין מוזיק — א דאפעל=שלאג [א פערשעהנערונג פון א טאן, דורך דעם וואס עס ווערען צו איהם צוגעלעגט צוויי הילפס=טענער, איינער וואס איז העכער פון איהם און דער צווייטער, וואס איז נידריגער פון איהם]; א משא וואס איינער קען דערטראגען; אין דרוקעריי — א בוכשטאב וואס איז אריינגעשטעלט אין זאץ מיט'ן גלאטען ענד ארויף, אן איבערגעקעהרטער בוכשטאב; א פעקעל פון פינף דוצענד פעלץ=פעלען; דאס מאנאטליכע ביי פרויען, מענסטרואציע.

turn'about *n.* (טוירנ'-ע-באוט) אן איבערקעהרער, אן איבערענדערער, אן אניטאטאר; א דרעה=וויעג, א קארוסעל; אזא קראנקהייט ביי בהמות וואס דריקט זיך אויס אין קאפ=שווינדלונג.

turn about' (טוירן ע-באוט') זיך אומקעהרען, זיך אומדרעהען; אבוועקסלענדיג זיך, בייטענדיג זיך.

turn a cat'-in-pan' (טוירן ע קעט'-אינ-פען') "איבערקעהרען דעם פעלץ" [זיך שמד'ען אדער איבערגעהן צו אן אנדער פארטיי צוליעב אייגענע נוצען].

turn a deaf ear to (טוירן ע דעף איער טו) ניט וועלען הערען.

turn adrift' (טוירן ע-דריפט') געבען א שפאציער=צעטעל, משלח זיין; אוועקשיקען אויף גאט'ס בעראט.

turn again' (טוירן ע-גען') אומקעהרען, צוריקקעהרען; זיך שטעלען געגען שונא.

turn against' (טוירן ע-גענסט') 1. ריכטען אדער פערוואנדלען געגען, ווערען געגען; 2. ווערען פיינדליך אדער געגנעריש.

1. His argument was **turned against** himself. 2. My friends have all **turned against** me.

turn an ear (טוירן ען איער) זיך צוהערען, הארכען.

turn an en'emy's flank line (טוירן ען ענ'-ע-מיז פלענק לאין) ארומגעהן דעם פיינד'ס ארמעע זי צו אטאקירען פון הינטען אדער פון דער זייט.

turn a pen'ny (טוירן ע פענ'-אי) פערדיענען געלד

turn around' one's fin'ger (טוירן ע-ראונד' הוואנז פינ'-גער) טהוען מיט אימעצען וואס מען וויל, פאלשטענדיג בעהערשען.

turn a shoul'der (טוירן ע שאול'-דער) זיך אומקעהרען מיט'ן רוקען [צו אימעצען], פעראכטען.

turn aside' (טוירן ע-סאיד') אבווענדען; אבוועהרען, אבשלאגען; זיך אבווענדען פון דער ריכטונג; זיך אבקעהרען אן א זייט, אבקעהרען דאס געזיכט.

turn away' (טוירן ע-הוויי') אבווענדען אדער אבקעהרען אן א זייט; אבזאגען פון א שטעלע; זיך אבווענדען פון דער גראדער ריכטונג; אבווענדען דאס געזיכט, זיך אבקעהרען.

turn back (טוירן בעק) צוריקווענדען, צוריקקעהרען, אומקעהרען; צוריקקומען, זיך צוריקקעהרען.

turn'-bench *n.* (טוירנ'-בענטש) א האנד=דרעה=באנק, א האנד=דרעקסעל=באנק [געברויכט פון זייגער=מאכערס].

turn'-bridge *n.* (טוירנ'-ברידזש) א דרעה=בריק.

turn'buckle *n.* (טוירנ'-באקל) אזא דאפעלטע שרויף=מוטער [מוטערקע], וואס פון איין זייט געהען איהרע גווינטען רעכטס און פון דער אנדערער זייט לינקס און ווערט בענוצט צו פערבינדען און צו בעפעסטיגען צוויי מעטאלענע שטאנגען אדער רעהרען.



Turnbuckle

turn'cap *n.* (טוירנ'-קעפ) א זיך=דרעהענדער דעקעל פון א קוימען.

turn'coat *n.* (טוירנ'-קאוט) איינער וואס "קעהרט איבער דעם פעלץ" [איינער וואס בייט זיין רעליגיאן, זיין פארטיי אדער זיינע פרינציפען], א משומד.

turn'cock *n.* (טוירנ'-קאק) דער אויפזעהער אויף די וואסער=רעהרען פון א וואסער=לייטונג סיסטעם.

turn'-down *a.* (טוירנ'-דאון) אריבערגעקנייטשט, איבערגעבויגען אדער איבערגעקעהרט ווי א פאלד; איינגעבויגען, פערבויגען [ווי א בלאט פון א בוך].

turn down (טוירן דאון) אריבערקנייטשען, איבערבויגען ווי א פאלד, אריבערקעהרען, אז עס זאל זיין אין צווייען; איינבויגען, פערבויגען [ווי א בלאט פון א בוך]; אויסדרעהען, פערדרעהען אדער אבשטעלען גאז, עלעקטריציטעט, וואסער א. ד. ג.

turned in legs (טוירנד אין לעגז) אויסגעבויגענע פיס.

tur'ner *n.* (טויר'-נער) א דרעקסלער, א טאקער; אן אקראבאט; א טורנער, א גימנאסטיקער; א בורצעל=טויב [אזא זיך=דרעהענדע הויז=טויב]; אזא שאטלענדישע קופערנע מטבע.

tur'nerite *n.* (טויר'-נער-איט) טורנעריט [אזא מינעראל פון געלב=ברוינעם קאליר].

tur'nery *n.* (טויר'-נער-אי) דרעקסלעריי, טאקעריי; דרעקסעל=ארבייט, טאקער-ארבייט, געדרעקסעלטע אדער געטאקטע זאכען אדער פערציערונגען; א דרעקסעל=ווערקשטאט.

tur'ney *v. and n.* (טויר'-ני) ז. ***tourney***.

turn flukes (טוירן פלוהקס) זיך אויסדרעהען אין דער רונד און זיך אראבלאזען ווארפענדיג מיט דעם עק אין דער לופט [וועגען א וואלפיש]; געהן שלאפען, זיך לעגען אין בעט.

turn forth (טוירן פאורטה) ארויסטרייבען, ארויסווארפען.

turn in (טוירן אין) איינבויגען, איינקנייטשען; בויגען אדער ווענדען נאך אינוועניג [וועגען די פוס=פינגער]; איבערליפערען, איבערגעבען; אריינקומען, אריינגעהן; געהן שלאפען, געהן צו בעט.

tur'ning *n.* (טויר'-נינג) דאס דרעהען; דאס ווענדען; די אבווענדונג פון דער גלייכער אדער פון דער בעשטענדיגער ריכטונג; אן אבווענדונג, אן אבבויגונג; א בויג, א קרימונג; דאס דרעקסלען, דאס טאקען; דאס טורנירען, דאס מאכען גימנאסטיק; אין מיליטער — א מאנעוורע ארומצוגעהן דעם פיינד כדי איהם אנצוגרייפען פון הינטען אדער פון דער זייט; א הין=און=הער בעוועגונג.

tur'ning-bridge *n.* (טויר'-נינג-ברידזש) ז. ***turn-bridge***.

tur'ning-chis'el *n.* (טויר'-נינג-טשיז'-על) א דרעקסעל=דלאט, א טאק=דלאט.

tur'ning-lathe *n.* (טויר'-נינג-לייטה) א דרעה=באנק, א דרעקסעל=באנק.

tur'ning-point *n.* (טויר'-נינג-פאינט) א דרעה=פונקט; א ווענדע=פונקט; אן ענדערונגס=פונקט.

tur'nings *n.* (טויר'-נינגז) די אבפאל=שפענדלעך ביים דרעקסלען [טאקען].

tur'ning-saw *n.* (טויר'-נינג-סאה) אזא דינע זעג מיט וועלכער מען קען אויסזעגען פערשיעדענע קרימונגען.

tur'ning-tool *n.* (טויר'-נינג-טוהל) אזא שארפעס שטאלענעס געצייג וואס ווערט בענוצט צו בעארבייטען די ענדען פון גראוויר=געצייג.

turn in'to rid'icule (טוירן אינ'-טו ריד'-אי-קיול) לעכערליך מאכען.

tur'nip *n.* (טויר'-ניפ) א ריב.

tur'nip-cab'bage *n.* (טויר'-ניפ-קעב'-

עדזיש) קאהלראבי, ברוקווע, קרוצקע, ספרוטעז, גריזשינע.

tur'nip-pest *n.* (טויר'–ניפ–פעסט) אזא אינזעקט וואס בעשעדיגט זעהר שטארק ריבעז.

tur'nip-rad'ish *n.* (טויר'–ניפ–רעד'–איש) אזא רעטיך וואס איז עהנליך צו א ריב.

tur'nip-shaped *a.* (טויר'–ניפ–שייפט) ריבעז=פערמיג, וואס האט די פארם פון א ריב.

tur'nipy *a.* (טויר'–ניפ–אי) עהנליך צו א ריב.

turn'key *n.* (טוירנ'–קיע) א שליסעלהאלטער פון א געפענגנים.

turn of a hair (טוירן אוו ע העהר) אויף א האר [ווי אויף איין האר פון גליק אדער פון געפאהר א. ד. ג.].

turn of a hand (טוירן אוו ע הענד) אין איין אויגענבליק.

turn off (טוירן אף) 1. אבזאגען פון א שטעלע; ארויסטרייבען; משלח זיין; 2. אבווענדען; אבווענדען אין אן אנדער ריכטונג; 3. ארויספארטיגען, אויסארבייטען; 4. פערדרעהען דעם קראן, אבשליסען, אויסדרעהען [ווי גאז, עלעקטריציטעט, וואסער א. ד. ג.]; 5. הענגען; 6. חתונה מאכען; פערהייראטען.

1. He **turned off** his former clerk. 2. You are trying to **turn off** the thoughts of the people from politics. 3. I would like to know the quantity of work you can **turn off** in an hour. 4. **Turn off** the gas when you are going to bed.

turn of life (טוירן אוו לאיף) די צייט ווען א פרוי הערט אויף צו האבען די מאנאטליכע [רעגעל, מענסטרואציע].

turn on (טוירן אן) אויפדרעהען, אויפמאכען דעם קראן [ווי פון גאז, וואסער א. ז. וו.]; אנרייצען; אין כעס מאכען; ווערען אין כעס.

turn one's brain (טוירן הוואנז בריין) ז. *turn one's head*.

turn one's coat (טוירן הוואנז קאוט) "איבערקעהרען דעם פעלץ", זיך שמד'ען, אריבערגעהן צו אן אנדער פארטיי.

turn one's flank (טוירן הוואנז פלענק) ארומגעהן אדער ארומרינגלען דעם פלאנק אדער פליגעל [פון אן ארמעע]; איבערכיטרעווען אדער ארייננארען אימעצען.

turn one's hand (טוירן הוואנז הענד) זיך צופאסען, זיין טויגליך, צולעגען די האנד.

A good servant should be able to **turn his hand** to anything in housework.

turn one's head (טוירן הוואנז העד) 1. ארויסרופען קאפ=שווינדלונג; 2. מאכען אימעצען גרויס אדער שטאלץ ביי זיך, "פערדרעהען" אימעצען דעם קאפ.

2. The attention shown him **turned his head** completely.

turn'out *n.* (טוירנ'–אוט) דאס ארויסטרעטען, דאס ארויסקומען; א שטרייק; א שטרייקער; אן אויסווייך=שינע [א קורצע זייטען=רעלסע אויף וועלכער איין באהן=צוג קען אויסמיידען דעם צווייטען]; אן עולם וואס האט זיך צונויפגעזאמעלט עטוואס צו זעהן אדער הערען; אן עקיפאזשגעשפאן; א צוג פון עקיפאזשען אדער קארעטען; די פראדוקציאן, די מאס אדער צאהל, וואס איז פראדוצירט געווארען.

turn out (טוירן אוט) 1. ארויסטרייבען; אויסשליסען; 2. ארויסטרייבען בהמות אויף פיטערניש; 3. אויסארבייטען, פערפערטיגען; 4. אויסקעהרען אויף דער אנדערער זייט, אויסקעהרען די אינגוועניגסטע זייט נאך אויסען; 5. ווייזען, צייגען; 6. בויגען אדער ווענדען נאך אינווייניג; 7. ארויסלאזען זיך פון הויז, זיך בעווייזען, זיך צונויפקומען וואו עס איז; 8. ארויסגעהן אין שטרייק,ווארפען די ארבייט; 9. אויפשטעהן פון שלאף, ארויסגעהן פון בעט; 10. זיך אויסלאזען; 11. אויסדרעהען אדער פערמאכען [די גאז אדער עלעקטריציטעט].

1. The unruly persons were **turned out** of the meeting hall. 3. The factory **turns out** 1000 pieces of cloth in a week. 5. I am ready to **turn out** my cards. 7. The people **turned out** to see the show. 10. The affair **turned out** better than expected.

turn'over *n. and a.* (טוירנ'–או–ווער) אן אומשטורץ, אן איבערקעהר; דאס איבערקעהרען אדער אומווארפען; אזא צונויפגעלעגטער טארט אדער פרוכט=קוכען; א לעהרלינג וואס זיין לעהר=קאנטראקט איז איבערגעטראגען געווארען צו א נייעם מייסטער; דער אומזאץ אין א געשעפט, די לייזונג פאר א בעשטימטער צייט; א פייערשויפעל אין א קיך; אזא ווייס שטיקעל לייווענד וואס קאוואלעריע=סאלדאטען פלעגען אמאל טראגען אויף'ן האלז; איבערגעקעהרט, איבערגעדרעהט; אריבערגעבויגען.

turn o'ver (טוירן או'–ווער) 1. אומווענדען, איבערקעהרען; 2. זיך איבערקעהרען פון איין זייט אויף דער אנדערער; 3. איבערגעבען, איבערליפערען, איבערטראגען; 4. מאכען אן אומזאץ, פערקויפען סחורה [פאר א געוויסער סומע]; 5. דורכבלעטערען, איבערמישען די בלעטער פון א בוך.

3. The business was **turned over** to his creditors. 4. He **turns over** about 100 dollars a week.

turn o'ver a new leaf (טוירן או'–ווער ע ניו ליעף) איבערקעהרען א נייעם בלאט, אנפאנגען א נייעם לעבען.

turn'pike *n.* (טוירנ'–פאיק) א דרעהקרייץ [ז. *turnstile*]; א שלאגבאום, א צאל=טויער [א פערצאמונג דורך א שטאנג אדער טויער וואס ווערט געמאכט פאר קווער פון א וועג, וואו מען דארף צאהלען שטייער אדער אבצאהל]; א וועג מיט א שלאג=בוים אדער צאל=טויער; א וועג.

turn'pike-man *n.* (טוירנ'–פאיק–מען) איינער וואס זאמעלט שטייער אדער אבצאהל ביי א שלאג=בוים אדער צאל=טויער.

turn'pike road (טוירנ'–פאיק ראוד) א וועג מיט א שלאג=בוים אדער צאל=טויער.

turn'-plate *n.* (טוירנ'–פלייט) ז. *turn-table*.

turn right'-about' (טוירן ראיט'–ע–באוט') קעהרען אדער ווענדען אין דער געגענזייטיגער ריכטונג.

turn round (טוירן ראונד) 1. זיך איבערדרעהען; 2. זיך "איבערקוליען", בייטען די מיינונג.

2. He **turned round** and voted with the opposition.

turn rus'ty (טוירן ראס'–טי) זיך פער'עקשנ'ען, זיך ניט וועלען אונטערווארפען, זיך אנטקעגען שטעלען.

turn'-screw *n.* (טוירנ'–סקרוה) א שרויפען=ציהער. ז. *screw-driver*.

turn'sick *a. and n.* (טוירנ'–סיק) שווינדעלדיג; דרעה=קראנקהייט [שווינדעל אין קאפ ביי שאף].

turn'side *n.* (טוירנ'–סאיד) קאפ=שווינדעל ביי הינד.

turn'sol *n.* (טוירנ'–סאול) ז. *turnsole*.

turn'sole *n.* (טוירנ'–סאול) א העליאטראפ, א זונען=בלום [אזא בלומען=פלאנצע, וועלכע ווענדעט זיך אימער צו דער זון]; אזא גיפטיגע פלאנצע וואס איהר זאפט ווערט בלוי דורך דער בעריהרונג מיט אמאניאק און לופט.

turn'spit *n.* (טוירנ'–ספיט) א בראטען=ווענדער, איינער וואס דרעהט דאס בראט=פלייש אויף'ן בראט=שפיעז; אזא הינטעל מיט א לאנגען קערפער און מיט קורצע פיסלעך.

turn'stile *n.* (טוירנ'–סטאיל) א דרעה=קרייץ [אזא געשטעל אין דער פארם פון א האריזאנטאלען קרייץ ביים אריינגאנג אדער ארויסגאנג וואס דרעהט זיך אין דער רונד, ווען א מענש געהט דורך, און ווערט געשטעלט אין אזעלכע ערטער וואו דער דורכגאנג איז ניט פריי אדער וואו מען וויל ניט, אז פיעלע מענשען זאלען דורכגעהן מיט איין מאל].



Turnstile

turn'stile-reg'ister *n.* (טוירנ'–סטאיל–רעדזש'–איס–טער) א רעגיסטער ביי א דרעה=קרייץ [א פארריכטונג ביי א דרעה=קרייץ, צו רעגיסטרירען די צאהל מענשען, וואס זיינען דורכגעגאנגען. ז. *turnstile*].

turn'stone *n.* (טוירנ'–סטאון) דער שטיין=קייקלער [אזא קליינער פויגעל וואס האט די נאטור איבערצוקעהרען און קייקלען שטיינדלעך ביים ברעג פון ים, ווען ער זוכט שפייז].

turn'-ta'ble *n.* (טוירנ'–טיי'בל) א דרעה=פלאטע, א דרעה=פלאטפארם [אזא רונדע פלאטפארם, וועלכע דרעהט זיך אין דער רונד אום אומצודרעהען אייזענבאהן=וואגאנען].

turn tail (טוירן טייל) מאכען פליטה, אנטלויפען.

turn the back (טוירן טהי בעק) זיך אומקעהרען מיט'ן רוקען, אוועקגעהן, אנטלויפען; פערלאזען דעם פלאץ.

turn the back on one (טוירן טהי בעק אן הוואן) זיך אומקעהרען צו אימעצען מיט'ן רוקען, אימעצען פערלאזען, פון אימעצען אוועקגעהן.

turn the buck'le of the belt behind' (טוירן טהי באקל אוו טהי בעלט בי–האינד') זיך "אונטערגארטלען", זיך צוגרייטען צום קאמפף.

turn the cat in the pan (טוירן טהי קעט אין טהי פען) ז. *turn a cat-in-pan*.

turn the cold shoul'der (טוירן טהי קאולד שאול'–דער) קאלט אדער גלייכגילטיג זיך בענעהמען אדער בעהאנדלען.

turn the dice (טוירן טהי דאיס) בייטען דאס מזל, ענדערען דאס גליק.

turn the die (טוירן טהי דאי) ז. *turn the dice*.

turn the edge of (טוירן טהי עדזש אוו) מאכען טעמפ, אראבנעהמען דעם שארף.

turn the scale (טוירן טהי סקייל) אראבציהען די וואג=שאל, אראבוועגען, ענטשיידען.

turn the stom'ach of (טוירן טהי

סטאמ'-עק אוו) מאכען צום ברעכען, ארויסרופען עקעל אדער איבעלקייט.

turn the ta'bles (טוירן טהי טייבלז) מאכען אן איבערקעהרעניש; איבערקעהרען קאפויר.

turn to (טוירן טו) זיין געווענדעט אדער געריכטעט צו; זיך ריכטען, זיך ווענדען צו; זיך נעהמען צו דער ארבייט, זיך א נעהם טהאן.

turn to account' (טוירן טו ע-קאונט') נוצען ציהען פון עטוואס, ברייננגען פערדיענסט, פארטיילהאפט אדער ניצליך אנווענדען.

turn to advan'tage (טוירן טו עד-וועני'-טעדזש) מאכען, אז עס זאל ברייננגען נוצען, מיט נוצען פערווענדען.

turn to curds (טוירן טו קוירדז) ווערען זויער־מילך, גערינען ווערען.

turn top o'ver tail (טוירן טאפ או'-ווער טייל) זיך איבערקוליען מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף, ברעכען האלז און נאקען.

turn Turk (טוירן טוירק) ווערען א טערק, זיך שמד'ען אויף א טערק, ווערען א רשע מרושע.

turn un'der (טוירן אנ'-דער) זיין אונטערגעבויגען.

turn'-up *n.* (טוירנ'-אפ) א טומעל, א צומישעניש; איינער אדער עטוואס וואס מאכט א פלעצליכע ענדערונג.

turn up (טוירן אפ) 1. איבערקעהרען פון אונטען ארויף, איבערקעהרען דאס אונטערשטע פון אויבען; איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט; 2. פערדרעהען אדער בויגען ארויף־צו; זיין פערדרעהט אדער געבויגען ארויף־צו; 3. רעפערירען אדער אנווייזען אין א בוך; 4. פאסירען, טרעפען.

2. Her nose **turns up** slightly. 4. I. am waiting for something to **turn up**.

turn up the nose (טוירן אפ טהי נאוז) פערדרעהען די נאז, א דרעה טהאן מיט דער נאז [אלס אויסדרוק פון פעראכטונג].

turn'verein' *n.* (טוהרנ'-פע-ראין') א טורן־פעראיין, א גימנאסטיק־פעראיין.

tur'pentine *n. and v.* (טויר'-פען-טאין) טערפענטין; טערפענטין־אויל; איינרייבען מיט טערפענטין.

tur'pentine-tree *n.* (טויר'-פען-טאינ-טריע) א טערפענטין־בוים [א בוים וואס פון זיין קארע אדער האלץ ווערט געצויגען טערפענטין־אויל].

turpentin'ic *a.* (טויר-פען-טינ'-איק) פון טערפענטין; וואס איז שייך צו טערפענטין.

tur'peth *n.* (טויר'-פעטה) דער טורפיט־ווארצעל [אזא פלאנצע וואס וואקסט אין ציילאן און אין אויסטראליען].

tur'pitude *n.* (טויר'-פי-טיוד) שענדליכקייט, פערדארבענהייט.

turquoise' *n.* (טויר-קאיז') דער טירקיז [אזא דונקעל־בלויער אדער גרין־בלויער עדעלשטיין].

turquoise'-green *n.* (טויר-קאיז'-גריען) טירקיז־גרין [אזא פארב אדער קאליר, וואס איז צווישען גרין און בלוי].

turr *n.* (טויר) אזא דריי־סטרונגעדיגער פיעדעל.

tur'rel *n.* (טאר'-על) אזא ענגבויער וואס באנדארעס בענוצען.

tur'ret *n.* (טאר'-עט) א טורעמעל, א קליינער טורם; א זיך־דרעהענדער טורם פאר מיליטערישע צוועקען; איינער פון די רינגען אין א זאטעל דורך וועלכע עס ווערען דורכגעצויגען די לייצעס; דאס אויבער־דעכעל אויף דעם דאך פון א וואגאן [דורך וועלכען עס קומט אריין לופט און ליכט].

tur'reted *a.* (טאר'-עט-עד) מיט טורעמלעך; ווי א טורעמעל.

turric'ulate *a.* (טא-ריק'-יו-לייט) פערציערט מיט טורעמלעך; טורם־עהנליך.

turric'ulated *a.* (טא-ריק'-יו-ליי-טעד) ז. *turriculate*

tur'tle *n. and v.* (טוירט'ל) א שילדקראט, א טשערעפאכע [ז. איל.]; א טורטעל־טויב; פאנגען שילדקראטען.



Turtle

tur'tle-dove *n.* (טויר'ט'ל-דאוו) א טורטעל־טויב.

tur'tler *n.* (טויר'-טלער) א שילדקראטען־פאנגער.

tur'tle-shell *n.* (טויר'ט'ל-שעל) די שאל אדער שאלעכץ פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

tur'tle-soup' *n.* (טויר'ט'ל-סוהפ') שילדקראטען־זופ [זופ געקאכט פון שילדקראט־פלייש].

tur'tling *n.* (טויר'-טלינג) דאס פאנגען שילדקראטען.

Tus'can *a. and n.* (טאס'-קען) טאסקאניש, וואס איז שייך צו טאסקאנא [אן אמאליגעס גרויס־הערצאגטום אין איטאליען]; די טאסקאנישע ארכיטעקטור אדער זיילען־פארמען; א טאסקאנער, א טאסקאנערין.

tush *n., int. and v.* (טאש) א לאנגער שפיציגער צאהן; איינער פון די פיער אויגען־צייהנער ביי א פערד; ש־ש־ש, שא, שטיל! זאגען שא אדער ש־ש־ש.

tushed *a.* (טאשט) וואס האט לאנגע שפיציגע צייהנער.

tusk *n. and v.* (טאסק) א לאנגער שפיציגער צאהן וואס שטארצט ארויס פון מויל [ווי ביי אן עלפאנט]; א שפיץ, א פלעקעל אדער שטיפט וואס איז עהנליך צו א לאנגען שפיציגען צאהן פון א חיה; א דארש [אזא פיש]; א בינטעל, א קוסטיק [ווי פון גראז, צווייגען א. ד. ג.]; דורכשטעכען אדער דורכבייסען מיט די שפיציגע לאנגע צייהנער.

tus'kar *n.* (טאס'-קאר) א טארף־שטעכער [אזא געצייג צום האקען טארף].

tusked *a.* (טאסקט) וואס האט לאנגע, שפיציגע און אויסגעשטארצטע צייהנער [ווי די אויגען־צייהנער ביי חיות אדער ווי די ארויסגעשטארצטע צייהנער ביי אן עלפאנט].

tus'ker *n.* (טאס'-קער) אן עלפאנט וואס די ארויסגעשטארצטע צייהנער זיינען שוין ביי איהם אויסגעוואקסען.

tus'ky *a.* (טאס'-קי) ז. *tusked*

tus'ser *n.* (טאס'-ער) א זיידען־ווארים וואס נעהרט זיך מיט דעמבען־בלעטער [זיין זייד איז זעהר שטארק אדער גראב און שוועך צו בעארבייטען]; די זייד פון דיעזען זיידען־ווארים; רויהע זייד פון פערשיעדענע זיידען־ווערים, אויסער פון די געוועהנליכע.

tus'ser-silk *n.* (טאס'-ער-סילק) רויהע זייד פון פערשיעדענע זיידען־ווערים, אויסער פון די געוועהנליכע.

tus'ser-worm *n.* (טאס'-ער-הווארם) א זיידען־ווארים וואס ערנעהרט זיך מיט אייכען־בלעטער. ז. *tusser*

tussic'ular *a.* (טא-סיק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א הוסט.

tus'sle *n. and v.* (טאסל) א קאמפף, א שטרייט, א געשלעג; קעמפפען, שטרייטען, זיך שלאגען.

tus'sock *n.* (טאס'-אק) א בינטעל אדער קוסטיק פון גראז אדער צווייגען; בוש־גראז, טוסאק־גראז [ז. *tussock-grass*]; אזא שמעטערלינג.

tus'sock-grass *n.* (טאס'-אק-גרעס) בוש־גראז אדער טוסאק־גראז [אזא גרויסעס שעהנעס גראז וואס וואקסט אין קוסטיקעס אדער בינטלעך און איז זעהר נאהרהאפט אלס פיטערניש פאר בהמות].

tus'socky *a.* (טאס'-אק-אי) בינטעלפערמיג, וואס האט די פארם פון א קוסטיק.

tut *int., v. and n.* (טאט) שא! פפוי! אויסשרייען שא אדער פפוי; ארויסשטארצען; א שטיק ארבייט.

tu'telage *n.* (טיו'-טע-לעדזש) אפעקונסטווע; שוץ; אונמינדיגקייט, מינדעריעהריגקייט.

tu'telar *a.* (טיו'-טע-לאר) וואס האט די אפוטרופסות אדער אפעקונסטווע איבער אימעצען; שיצענד.

tu'telar ge'nius (טיו'-טע-לאר דזשי'-ניאס) א שוץ־גייסט, א מלאך הגואל.

tu'telary *a.* (טיו'-טע-לע-רי) ז. *tutelar*

tu'tenag *n.* (טיו'-טע-נעג) צינק.

tu'tiorism *n.* (טיו'-טי-אר-איזם) ריגאריזם, שטרענגקייט, דאס מקפיד זיין.

tu'tiorist *n.* (טיו'-טי-אר-איסט) א ריגאריסט, איינער וואס איז א מקפיד.

tu'tor *n. and v.* (טיו'-טאר) א פריוואט־לעהרער, א הויז־לעהרער; אן ערציהער; א לעהרער אין אן אמעריקאנער אוניווערזיטעט [ניט קיין פראפעסאר]; אן אפוטרופוס, אן אפעקון; אונטעררריכטען, לערנען; זיין אן אפעקון, האבען די אפוטרופסות איבער אימעצען.

tu'torage *n.* (טיו'-טאר-עדזש) אפעקונסטווע, אפוטרופסות, השגחה, אויפפאסונג.

tu'toress *n.* (טיו'-טאר-עס) א לעהרערין, אן ערציהערין, א גאווערנאנטקע; אן אפעקונקע.

tuto'rial *a.* (טיו-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א לעהרער אדער ערציהער.

tuto'rially *adv.* (טיו-טאו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א לעהרער אדער ערציהער, אזוי ווי א לעהרער.

tu'torism *n.* (טיו'-טאר-איזם) לעהרעריי.

tu'torship *n.* (טיו'-טאר-שיפ) לעהרעריי, לעהרערשאפט; אפוטרופסות, אפעקונסטווע.

tu'tory *n.* (טיו'-טאר-אי) ז. *tutorship*

tu'trix *n.* (טיו'-טריקס) אן אפעקונקע.

tut'san *n.* (טאט'-סען) יאהאניס־קרויט [אזא פלאנצע].

tut'ti *a. and n.* (טוהט'-טי) אין מוזיק — אלע שטימען און אינסטרומענטען צוזאמען [אין געגענזאץ צו סאלא]; א טאן אדער שטיק וואס אלע שטימען אדער

אינסטרומענטען שפּיעלען אָדער זינגען צו־זאַמען [איז גענענזאַץ צו סאָלאָ].

tut'ti-frut'ti *n.* (טוהט־טי־פרוהט־טי) טוטי־פרוטי, אייז־קרעם [מאַראַזשענע, גע־פראָרענעס] געמישט מיט דעם זאַפט פון פערשיעדענע פרוכטען; קאָנפעקטען גע־מאַכט מיט דעם זאַפט פון פערשיעדענע פרוכטען.

tut'ty *n.* (טאַט'־אי) צינק־שוואַם, אונ־ריינעס צינק־אָקסיד [אונריינער צינק־זויער־שטאָף, וואָס זאַמעלט זיך אָן אין די קוימענס פון די אויוועס אין די מעטאַל־גיסעריי].

tut'-work *n.* (טאַט'־הוואָירק) שטיק־אַרבייט, אַקאָרד־אַרבייט.

tut'-wor'ker *n.* (טאַט'־הוואָיר'־קער) אַ שטיק־אַרבייטער, איינער וואָס אַרבייט פון שטיק.

tut'-work'man *n.* (טאַט'־הוואָירק'־מען) ז. *tut-worker*.

tu-whit' *v. and n.* (טו־הוויט') שרייען ווי אַ נאַכט־איילע [סאָווע]; דער געשריי פון אַ נאַכט־איילע.

tu-whoo' *v. and n.* (טו־הוואוה') ז. *tu-whit*.

Tuxe'do *n.* (טאַק־סי'־דאָ) אַ טוקסידאָ, אַ באַל־זשאַקעט.

Tuxe'do coat (טאַק־סי'־דאָ קאוט) ז. *Tuxedo*.

tuyere' *n.* (טוה־יעהר') דער ראָהר דורך וועלכען לופט ווערט געטריבען אין אַ שמעלץ־אויווען.

twad'dle *v. and n.* (טהוואָדל) פּלוידע־רען, פּלאַפּלען, רעדען דברים בטלים; פּלוידעריי, פּלאַפּלעריי; אַ פּלאַפּלער, אַ פּלוידערזאַק.

twad'dler *n.* (טהוואַד'־לער) אַ פּלאַפּ־לער, אַ פּלוידערזאַק.

twad'dling *n. and a.* (טהוואַד'־לינג) דאָס פּלאַפּלען, דאָס פּלוידערען; פּלאַפּלע־ריי, פּלוידעריי, פּוסטע דבורים; פּלוידע־רענד, פּלאַפּלענד.

twad'dly *a.* (טהוואַד'־לי) פּלוידעריש, פּלאַפּלעריש.

twain *a., n. and v.* (טהוויין) צוויי; אַ פּאָר; טיילען פּאַרוויז.

twaite *n.* (טהווייט) די פּינטע [אַ זאָרט מאַי־פיש. ז. *shad*].

twang *v., n., int. and adv.* (טהוואַנג) אַרויסלאָזען אַ שאַרפען קלאַנג [ווי אַ סטרו־נע, וועלכע מען טהוט אַ ציה מיט'ן פינ־גער]; פּיקען מיט די פינגער אויף די סטרו־נעס פון אַ פּיעדעל; האָבען אַ שאַרפען טאָן, רעדען מיט נאָז־קלאַנגען; אַ קלונג, אַ גריל־צענדער קלאַנג [ווי פון אַ סטרונע, וועלכע מען שטשיפּעט מיט'ן פינגער]; אַ קלינ־גענדער טאָן; אַ נאָז־קלאַנג; קלינג־קלאַנג! [אַ נאָכאַהמונג פון אַ שאַרפען קלאַנג].

twan'gle *v.* (טהוואַנגל) פּיקען אויף די סטרונעס פון אַ פּיעדעל מיט די פינ־גער.

twan'gler *n.* (טהוואַנ'־גלער) איינער וואָס פּיקט מיט די פינגער אויף די סטרו־נעס פון אַ פּיעדעל.

twank *v. and n.* (טהוואַנק) געבען אַ קלונג, אַרויסלאָזען אַ גרילצענדען אָדער שאַרפען קלאַנג; אַ שאַרפער קלונג [ווי פון אַ סטרונע ווען מען גיט זי אַ ציה מיט'ן פינגער].

twan'kay *n.* (טהוואַנ'־קיי) אַ מין גרי־נע טהעע.

'twas (טהוואָז) אַבקירצונג פון די ווער־טער *it was*, עס איז געווען.

twat *n.* (טהוואַט) דער געשלעכטס־אָרגאַן פון אַ פרוי.

twat'tle *v. and n.* (טהוואָטל) פּלאַפּלען, פּלוידערען, רעדען דברים בטלים; אַ פּלאַפּ־לער, אַ פּלוידערזאַק; אַ קליין מענשעלע, אַ קאַרליק.

twat'tler *n.* (טהוואָט'־לער) ז. *twaddler*.

twat'tling *n. and a.* (טהוואָט'־לינג) ז. *twaddling*.

tway'blade *n.* (טהוויי'־בלייד) אַן אַר־כידעען־פּלאַנצע מיט צוויי איי־פערמיגע בלעטער.

tweak *v. and n.* (טהוויעק) קנייפּען, צופּען; ברייננען אין אַ פערלעגענ־הייט; אַ קניפּ, אַ צופּ; אַ דילעמאַ, אַ פערלעגענהייט.

tweed *n. and a.* (טהוויעד) אַזאַ אָרט פּיקע פּאַר זומערדיגע מענער־קליידער; גע־מאַכט פון דיעזען זאָרט פּיקע.

twee'dle *v. and n.* (טהוויעדל) לייכט בעריהרען; לייכט פּיהרען מיט'ן סמיק אי־בער די סטרונעס; שפּיעלען אויף אַ פּיע־דעל; זיך שלענגלען [ווי אַ וואָרים]; זיך אַרומדרעהען אָרום עפּעס; דער קלאַנג ווי פון אַ פּיעדעל.

twee'dle-dum' and twee'dle-dee' (טהוויע'דל־דאַם' ענד טהוויע'דל־דיע') צוויי זאַכען, צווישען וועלכע עס איז כמעט קיין חילוק ניטאָ.

'tween *prep.* (טהוויען) פערקירצונג פון *between*.

tweer *n.* (טהוויער) אַ רעהר, דורך וועל־כען עס ווערט געטריבען דער לופט־שטראָם אין אַ שמעלץ־אויווען.

tweese *n.* (טהוויעז) ז. *tweeze*.

tweeze *n.* (טהוויעז) אַ פוטלאַר אָדער קעסטעל פּאַר כירורגישע אינסטרומענטען.

twee'zer *v. and n.* (טהוויע'־זער) בענו־צען אַ האָר־צווייגנעל [ז. *tweezers*]; דער אַמעריקאַנישער קאָלבען־טויכער [אַזאַ קאַטשקע. ז. *merganser*].

twee'zer-case *n.* (טהוויע'־זער־קיים) אַ פוטלאַר אָדער שיידעל פּאַר אַ האָר־צווייננעל. ז. *tweezers*.

twee'zers *n.* (טהוויע'־זערס) אַ האָר־צווייננעל [אַ צווייננעל אַרויסצוציהען האָר].

twelfth *a. and n.* (טהוועלפטה) צוועלפ־טער, צוועלפטע; וואָס איז אַ צוועלפטעל; אַ צוועלפטעל; אין אַמאָליגער ענגלישער געזעצגעבונג — אַ צוועלפטעל פון די תבואות אָדער הכנסות וואָס פלעגט גע־צאָהלט ווערען אַלס שטייער; אין מוזיק — דער צוועלפטער טאָן אין אַ גאַמאַ.

Twelfth'-cake *n.* (טהוועלפטה'־קייק) אַ טאָרט וואָס ווערט געבאַקען לכבוד דעם קריסטליכען יום־טוב עפּיפאַניאַס [דעם 6טען יאַנואַר]. ז. *Epiphany*.

Twelfth'-day *n.* (טהוועלפטה'־דיי) דער צוועלפטער טאָג נאָך קריסטוס'עס גע־בורט, דער עפּיפאַניאַס־יום־טוב [דעם 6טען יאַנואַר]. ז. *Epiphany*.

twelfth'ly *adv.* (טהוועלפטה'־לי) צוועלפטענס.

Twelfth'-night *n.* (טהוועלפטה'־נאַיט) די נאַכט פון דעם קריסטליכען יום־טוב עפּיפאַניאַס. ז. *Epiphany*.

Twelfth'-tide *n.* (טהוועלפטה'־טאַיד) דער קריסטליכער יום־טוב עפּיפאַניאַס [דעם 6טען יאַנואַר]. ז. *Epiphany*.

twelve *a. and n.* (טהוועלוו) צוועלף; די צאָהל צוועלף; אַ טוץ.

twelve'mo *n. and a.* (טהוועלוו'־מאָו) ז. *duodecimo*.

twelve'month *n.* (טהוועלוו'־מאַנטה) צוועלף מאָנאַטען, אַ יאָהר.

twelve'pence *n.* (טהוועלוו'־פּענס) אַ שילינג [אַן ענגלישע זילבערנע מטבע וואָס ענטהאַלט צוועלף פּענים, אונגעפעהר 25 אַמעריקאַנער סענט].

twelve'penny *a.* (טהוועלוו'־פּענ־אי) וואָס איז ווערטה אַ שילינג; ניט פון גרויסען ווערטה, ביליג, אונבעדייטענד.

twel'ver *n.* (טהוועל'־ווער) אַ שילינג.

twelve'-score *a. and n.* (טהוועלוו'־סקאָור) צוועלף מאָל צוואַנציג [צוויי הונ־דערט און פערציג]; אַ שטרעקע פון צוועלף מאָל צוואַנציג יאַרד [וואָס איז געווען די געוועהנליכע לענג פון אַ שאָס מיט אַ פייל].

twen'tieth *a. and n.* (טהוועני'־טי־עטה) דער צוואַנציגסטער; אַ צוואַנציגסטעל.

twen'ty *a. and n.* (טהוועני'־טי) צוואַנ־ציג; די צאָהל צוואַנציג.

twen'ty-fold *a.* (טהוועני'־טי־פאָולד) צוואַנציג־פאַך, צוואַנציג מאָל אַזוי פיעל.

twen'tyfour'-mo *n.* (טהוועני'־טי־פאָור'־מאָו) אַ בלאַט פון אַ בויגען פּאַ־פּיער, וואָס איז צוזאַמענגעלעגט אין 24 גלייכע טיילען; אַ בוך וואָס איז געמאַכט פון בויגענס פּאַפּיער, וואָס זיינען צוזאַ־מענגעלעגט אין 24 גלייכע טיילען.

twen'tymo *n.* (טהוועני'־טי־מאָו) אַ בוי־גען פּאַפּיער וואָס איז צוזאַמענגעלעגט אין צוואַנציג בלעטער.

twen'ty-sec'ond *n.* (טהוועני'־טי־סעק'־אַנד) אַ טאָן וואָס שטעהט אַב מיט דריי אָקטאַווען פון דעם גרונד־טאָן; דער 22סטער טאָן פון דעם גרונד־טאָן.

'twere (טהוואָיר) פערקירצונג פון *it were*.

twi'bill *n.* (טהוואַי'־ביל) די העלעבאַרדע, אַן אַלטפּרענקי־שעס געוועהר אין דער פאָרם פון אַ צוויי־זייטיגער האַק [ז. איל.]; אַ ברייטע שווערד; אַ געצייג צו מאַכען צאַפּען־לעכער.

Twibill

twi'billed *a.* (טהוואַי'־בילד) בעוואָפנעט מיט אַ העלעבאַר־דע אָדער צוויי־זייטיגער קריגנס־האַק. ז. *twibill*.

twice *adv. and a.* (טהוואַיס) צוויי מאָל, דאָפּעלט, אין צווייען.

twice'-told *a.* (טהוואַיס'־טאָולד) דער־צעהלט געוואָרען צוויי מאָל; אויסגעדראָ־שען, אַלט.

twid'dle *v. and n.* (טהווידל) ז. *tweedle*.

twi'er *n.* (טהוואַי'־ער) ז. *twyer*.

twi'foil *a.* (טהוואַי'־פאָיל) צוויי־בלע־טערדיג, מיט צוויי בלעטער [וועגען אַ צייכען אויף אַ שילד אָדער הערב].

twig *n. and v.* (טהוויג) אַ צווייגעל, אַ רוט; אַ צווייבער־שטעקעל; שמייסען מיט ריטער; נאָכקוקען, בעמערקען; בעגריי־פען, פערשטעהען.

twig'gen *a.* (טהוויגן) געמאַכט פון צווייגלעך; אַרומגעפלאָכטען מיט צווייג־לעך אָדער ריטלעך.

twig'ger *n.* (טהוויג'־ער) זעהר אַן אָק־טיווער אָדער ענערגישער מענש.

twig'-gir'dler *n.* (טהוויג'־גויר'־דלער) אַזאַ זשוקעל, וואָס נאָגט אָרום אַ צווייגעל פון אַ בוים, אַזוי ווי אַרומגאַרטלענדיג עס.

twig'gy *a.* (טהוויג'-אי) מיט צווייגלעך, פול מיט צווייגלעך, רייך אין צווייגלעך; געמאכט פון צווייגלעך.

twig'less *a.* (טהוויג'-לעס) אהן צווייגלעך.

twig'-rush *n.* (טהוויג'-ראַש) דאס שניידעגראז [אזא הויכעס גראז פון די וואַרעמע לענדער מיט לאנגע און שמאלע געקארבטע בלעטער].

twi'light *n., a. and v.* (טהוואי'-לאיט) די דעמערונג, בין השמשות; א טונקעלער שיין; א ניט־קלארער בעוואוסטזיין; דעמערענד, טונקעל; וואס איז שייך צו דער דעמערונג אדער בין השמשות; שוואך בעלייכטען; מאכען א טונקעלע שיין.

twill *v. and n.* (טהוויל) וועבען קעפערציינג [אזא דיאגאנאל־געשטרייפטעס, דיקעס ציינג, וואס ווערט בענוצט פאר מעבעל, פאר פרויען־קליידער א. ד. ג.]; קעפערציינג; די דיאגאנאלע שטרייפען וואס ווערען געמאכט ביים וועבען קעפער־ציינג.

'twill (טהוויל) פערקירצונג פון *it will* [עס וועט].

twin *a., n. and v.* (טהווין) וואס בעשטעהט פון צוויי; צווייאיג, דאפעלט; יעדער איינער פון צוויי; אין באטאניק— וואס וואקסט פארוויין [וועגען געוויסע פלאנצען]; א צווילינג, איינס פון א צווילינג; געבעהרען א צווילינג; זיין א צווילינג; בילדען א פאר.

twin'-born *a.* (טהווינ'-באהרן) געבארען אלס צווילינג; געבארען געווארען נאך מיט איינעם.

twin'-cyl'inder *a.* (טהווינ'-סיל'-אינ-דער) וואס האט צוויי צילינדערס [וועגען געוויסע דאמפף־מאשינען].

twine *v., n. and a.* (טהוואין) צונויפדרעהען [ווי בעזונדערע פאדים אין מאכען א שנירעל אדער שטריקעל]; פלעכטען, וועבען; ארומדרעהען, ארומפלעכטען; ארומקרייזלען; צוזאמענוועבען, צוזאמענפלעכטען, מישען, צוזאמענמישען; זיך איינפלעכטען אין עפעס, זיך צוזאמענוועבען; זיך קרייזלען, וואקסען אין א ספיראלער פארם; זיך שלענגלען, זיך דרעהען הין און הער; א שנירעל אדער שטריקעל וואס איז געמאכט פון צוויי אדער עטליכע צוזאמענגעדרעהטע פעדים; א שפיגאט, א בינד־פאדים; ציינג וואס איז געוועבט פון דיקע הארטע פאדים; די ארומדרעהונג, די ארומפלעכטונג, דאס דרעהען זיך ארום און ארום ווי א ספיראל; די ארומנעהמונג, די ארומקרייזלונג; א צוזאמענמישונג, א געמיש, א פלאנטער; וואס איז געמאכט אדער וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעדרעהטע פאדים.

twine cloth (טהוואין קלאהטה) א דינער באוועל־ציינג, וואס ווערט אפט געברויכט אנשטאט לייווענד.

twine'-cut'ter *n.* (טהוואינ'-קאַט'-ער) אזא מעסער וואס דיענט איבערצושניידען דעם שנור, מיט וועלכען מען בינדט ארום א פעקעל.

twine'-hol'der *n.* (טהוואינ'-האול'-דער) א מין שיסעל, אין וועלכער עס ווערט געהאלטען א קנויל שנירלעך צו פערפאקען סחורות.

twine'-machine' *n.* (טהוואינ'-מע-שין') א מאשין צו שפינען דינע שנירלעך אדער שטריקלעך.

twi'ner *n.* (טהוואי'-נער) א מאשין וואס דרעהט צונויף בעזונדערע פאדים; א פלאנצע וואס האלט זיך אונטער, דרעהענדיג זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען.

twin'-flow'er *n.* (טהווינ'-פלאו'-ער) די נארדישע לינעע [זעהר א שעהנע גראזארטיגע פלאנצע פון די צפון־געגענדען פון ביידע האלב־קוגלען פון דער וועלט].

twinge *v. and n.* (טהווינדזש) פעראורזאכען א שטעכענדען שמערץ; קנייפען, צוקען; פיהלען א שארפען, שטעכענדען וועהטאג; א שטעכענדער שמערץ; א צוק, א שטאך; קוואל, שמערץ, יסורים.

twi'ning *a.* (טהוואי'-נינג) וואס דרעהט זיך אין א ספיראל־פארם; ארומדרעהענד, ארומנעהמענד.

twi'ningly *adv.* (טהוואי'-נינג-לי) דרעהענדיג אדער פלעכטענדיג זיך ארום און ארום.

twi'ning stem (טהוואי'-נינג סטעם) דער שטאם אדער שטענגעל פון א פלאנצע וואס דרעהט זיך ספיראל־פערמיג ארום דעם שטאם אדער צווייג פון אן אנדער פלאנצע.

twink *v. and n.* (טהווינק) טשיריקען, צוויטשערען [ווי א פויגעל]; א וואונק, א פינטעל מיט'ן אויג, אן אויגענבליק; א בוכפינק, א זיאבליק [אזא קליינער אייראפעאישער זינג־פויגעל].

twin'kle *v. and n.* (טהווינקל) ווינקען, פינטלען מיט די אויגען; שימערירען, בלישטשען [ווי א שטערען], פלוצלונג אויפבליצען אדער אויפשיינען; פער'כשופ'ען דורך פינקלען מיט די אויגען; א וואונק, א פינטעל מיט'ן אויג; א פלעצליכער שיין אדער גלאנץ; דאס פינקלען, דאס בלינצלען; אן אויגענבליק.

twin'kler *n.* (טהווינ'-קלער) איינער אדער עטוואס וואס ווינקט אדער פינטעלט; עטוואס וואס פינקעלט אדער בלישטשעט; דאס אויג.

twin'kling *n.* (טהווינ'-קלינג) דאס פינקלען, דאס שימערירען, דאס בלישטשען; א וואונק, א פינטעל מיט'ן אויג; אן אויגענבליק.

twin'leaf *n.* (טהווינ'-ליעף) דאס צווילינגס־בלאט [א מין אמעריקאנער גראז מיט צווייענדיגע בלעטלעך אויף די שטענגלעך].

twin'ling *n.* (טהווינ'-לינג) א צווילינג.

twin'ner *n.* (טהווינ'-ער) א מוטער פון א צווילינג.

twin'ning *n.* (טהווינ'-אינג) דאס אויסבילדען א צווילינג [וועגען דער צוזאמענפאסונג פון צוויי קריסטאלען, וועלכע זיינען עהנליך איינער צום אנדערען].

twin'ning-machine' *n.* (טהווינ'-אינג-מע-שין') א מאשין צו שניידען צייהנער אין א קאם.

twin'ning-saw *n.* (טהווינ'-אינג-סאה) א זעג אויסצוזעגען צייהנער אין א קאם.

twin'-pair *n.* (טהווינ'-פעהר) א פאר זאכען, וועלכע זיינען זעהר עהנליך איינע צו דער אנדערער.

twin'ship *n.* (טהווינ'-שיפ) דאס זיין א צווילינג.

twin'-spot *a.* (טהווינ'-ספאט) וואס האט צוויי גלייכע פלעקען.

twire *v.* (טהוואיר) דרעהען.

twirk *v.* (טהוואירק) דרעהען.

twirl *v. and n.* (טהוואירל) שנעל דרעהען אין דער רונד, ווירבלען; זיך דרעהען, זיך ארומדרעהען ארום עפעס; די ווירבלונג, דאס דרעהען זיך ארום און ארום ווי א ספיראל; א צונויפראלונג, א דרעה.

twir'ler *n.* (טהוואיר'-לער) איינער אדער עפעס וואס דרעהט ארום אדער אין דער רונד; איינער אדער עטוואס וואס דרעהט זיך.

twist *v. and n.* (טהוויסט) צוזאמענדרעהען [פאדים], שפינען; פלעכטען, צונויפדרעהען; ארומדרעהען; מאכען עס זאל זיך דרעהען ווי א ספיראל; פערקרימען, פערדרעהען [ווערטער], פאלש דייטען, פערדרעהען [ווערטער], פאלש טייטשען; פערוויקלען [אן ענין]; שלענגלען, ארום און ארום; זיין צוזאמענגעדרעהט מיט אן אנדער זאך, זיך אריינפלעכטען; זיך פערוויקלען; דאס צוזאמענפלעכטען, דאס צוזאמענדרעהען; דאס פערבינדען; די פערפלעכטונג, די פערדרעהונג, די פערוויקלונג; אין בייסבאל־שפיעל — אזא ווארף מיט'ן באל, ווען ער דרעהט זיך אין א ספיראלער פארם; א צוזאמענגעדרעהטער פאדים, א שנור, א שפיגאט, א בינד־פאדים; די בויגונג; פערקרימונג, פערדרעהונג; די נייגונג [צו עטוואס], די נייגונג פון כאראקטער.

twis'table *a.* (טהוויס'-טעבל) וואס קען זיך צוזאמענדרעהען אדער אומדרעהען.

twis'ted *a.* (טהוויס'-טעד) געדרעהט, געפלאכטען.

twis'ted i'ronwork (טהוויס'-טעד אי'-ערנ-הוואירק) צוזאמענגעפלאכטענע אדער צוזאמענגעדרעהטע אייזערנע שטאנגען.

twis'ted leath'er (טהוויס'-טעד לעטה'-ער) א לעדערנער פאס אדער רימען וואס איז געדרעהט ווי א שנור.

twis'ted net (טהוויס'-טעד נעט) אזא מארלע וואס ווערט געברויכט אלס אונטערשלאג פאר פרויען־קליידער.

twis'ter *n.* (טהוויס'-טער) א דרעהער, א פלעכטער; א שטריק־מאכער, א שמוקלער; א דרעה־מאשין, א פלעכט־מאשין, א שפין־מאשין; עפעס וואס דרעהט זיך אין א ספיראלער פארם; א קווער־באלקען, א בינד־באלקען [אין געביידען]; א פויגעל, וואס פליהט ניט אין א גלייכער ריכטונג, נאר אין א זיג־זאג.

twis'ting *n. and a.* (טהוויס'-טינג) דאס דרעהען, די דרעהונג; זיך דרעהענד.

twis'tingly *adv.* (טהוויס'-טינג-לי) זיך דרעהענדיג, זיך פלעכטענדיג.

twis'ting-machine' *n.* (טהוויס'-טינג-מע-שין') א מאשין צו דרעהען שטריק אדער שניר.

twist'-machine' *n.* (טהוויסט'-מע-שין') אזא מאשין צו דרעהען אדער פלעכטען שניר אדער פאזמאנטער.

twist of the wrist (טהוויסט אוו טהי ריסט) אומדרעהונג פון די הענד מיט די דאלאניעס [האנד־פלעכען] ארויף און אראב; דאס מאכען לייכטע בעוועגונגען מיט די הענד; געשיקטקייט, פלינקקייט.

twist the li'on's tail (טהוויסט טהי לאי'-אנז טייל) ארויסרופען א געפיהל פון פערדרום אדער בעליידיגונג ביי דער ענגלישער רעגיערונג אדער ביים ענגלישען פאלק און דערמיט פערשאפען פערגניגען די שונאים פון ענגלאנד [א הומאריסטישער אויסדרוק].

twit *v. and n.* (טהוויט) טאדלען, אויסרעדען, מאכען פארווירפע; דערעסען מיט שטענדיגען מוסר; א פארוואורף, א טאדעל.

His friends **twitted** him about his inconsistency.

twitch *v. and n.* (טהוויטש) א צופ טהאן, א ריס טהאן, א ציה טהאן; צופען, רײַ־

סען; צוקען, זיך א טרייסעל טהאן [ווי א מוסקול]; א צופ, א קניפ, א ריס; א טריי-סעל [ווי פון א מוסקול]; אזא אינסטרו-מענט איינצוהאלטען א צורייצטעס פערד; די קוועקע [א מין גראז. ז. *quitch-grass*].

twitch'er *n.* (טהוויטש'-ער) א צופער, א רייסער.

twitch'ers *n.* (טהוויטש'-ערז) א קליין צווייננגעל.

twitch'-grass *n.* (טהוויטש'-גרעס) ז. *quitch-grass*.

twitch'ing *n.* (טהוויטש'-אינג) דאס צו-פען, דאס קנייפען; אן אונווילקירליכער טרייסעל אדער צוק פון א מוסקול.

twite *n.* (טהוואיט) אזא בערג-פינק [אזא אייראפעאישער פויגעל].

twite'-finch *n.* (טהוואיט'-פינטש) ז. *twite*.

twit'ter *v. and n.* (טהוויט'-ער) טשירי-קען, צוויטשערען [ווי א פויגעל]; זינגען ווי א פויגעל; דאס טשיריקען, דאס צווי-טשערען; א טאדלער, א פארוואורף-מאכער.

twit'ter-bone *n.* (טהוויט'-ער-באון) אן אויסוואוקס אויף דער קאפיטע פון א פערד.

twit'tering *n.* (טהוויט'-ער-אינג) דאס טשיריקען, דאס צוויטשערען פון פויגלען; קלאנגען וואס זיינען ענהליך צו פויגעל-געזאנג; דאס ציטערען, דאס שוידערען.

twit'tingly *adv.* (טהוויט'-אינג-לי) טאדלענדיג, מיט פארוואורף.

'twixt *prep.* (טהוויקסט) פערקירצונג פון *betwixt*

two *a. and n.* (טוה) צוויי; די צאהל צוויי; א פאר.

two'-blocks *adv.* (טוה'-בלאקס) ז. *chock-a-block*.

two'-deck'er *n.* (טוה'-דעק'-ער) א קריעגס-שיף, וואס האט צוויי דעקען אדער פאלובעס, אויף וועלכע עס זיינען אויס-געשטעלט הארמאטען.

two'-edged *a.* (טוה'-עדזשד) צוויי-שאר-פיג [מיט צוויי שארפען]; וואס שניידט לינקס און רעכטס.

two'-eyes *n.* (טוה'-איז) ז. *partridge-berry*.

two'-faced *a.* (טוה'-פייסט) צוויי-פניםדיג, מיט צוויי פנים'ער [ווי דער רוימישער גאט יאנוס]; היפאקריטיש.

two'fold *a. and adv.* (טוה'-פאולד) צווייפאך; דאפעלט; אין צווייען.

two'-forked *a.* (טוה'-פאהרקט) געטיילט גאפעל-פערמיג אין צווייען [ווי דער שטאם פון געוויסע פלאנצען, די צונג פון א שלאנג א. ד. ג.].

two'-han'ded *a.* (טוה'-הענ'-דעד) צוויי-הענדיג, מיט צוויי הענד; וואס פאדערט ביידע הענד צו האלטען אדער טהאן עפעס; וואס קען בענוצען ביידע הענד אויף א גלייכען שטייגער; געשיקט, פעהיג צו יע-דער זאך; וואס קען געטהאן ווערען דורך צוויי מענשען.

two'-head'ed *a.* (טוה'-העד'-עד) צוויי-קעפיג, צוויי-פנים'דיג; וואס ווערט אנגע-פיהרט דורך צוויי פיהרער אדער נא-טשאלניקעס.

two'-horned *a.* (טוה'-האהרנד) צוויי-הערנערדיג, מיט צוויי הערנער.

two'-leaved *a.* (טוה'-ליעווד) צוויי-בלעטערדיג, מיט צוויי בלעטער.

two'-leg'ged *a.* (טוה'-לעג'-עד) צוויי-פיסיג, מיט צוויי פיס.

two'-nee'dle *a.* (טוה'-ניע'-דל) וואס ווערט געמאכט מיט צוויי נאדלען.

two'ness *n.* (טוה'-נעס) צווייאינקייט, דאפעלטקייט.

two'pence *n.* (טוה'-פענס) צוויי פענים, אן ענגלישע מטבע פון צוויי פענים [אונ-געפעהר פיער אמעריקאנער סענט].

va'rix *n.* (וויי'-ריקס) דער אדער־קראפ אדער קראמפף־אדער [א פאנאנדערציהונג פון א בלוט־אדער]; אן איינשניט אדער קארב אויף א מושעל.

var'let *n.* (וואר'-לעט) א לייב־דיענער; אן אונטערגעארדענטער; א יונגער אדעליגער וואס פלעגט פארצייטענס האלטען אין פארבערייטען זיך צו ווערען א ריטער; א קערל, א שורקע, א ליידאק.

var'letry *n.* (וואר'-לעט-רי) דער המון, דער פעבעל, דאס געמיינע פאלק.

var'nish *n. and v.* (וואר'-ניש) לאקיר, לאק; עטוואס וואס איז עהנליך צו לאק; א גלאנציגעס אויסזעהן; אן אויסערליכער גלאנץ; דאס בעדעקען פון אויבען מיט א גלאנץ; טאפ־גלאזור; לאקירען; צוגעבען אן אויסערליכען גלאנץ; צודעקען, בעפארבען, בעפוצען פון אויבען.

var'nisher *n.* (וואר'-ניש-ער) א לאקירער; א בעפארבער, א בעשעהנער, איינער וואס גיט צו אן אויסערליכען גלאנץ.

var'nishing-day *n.* (וואר'-ניש-אינג-דיי) א טאג פאר דער עפנונג פון א בילדער־אויסשטעלונג [ווען די מאהלער רעטושירען אדער לאקירען איבער די בילדער].

var'nish-tree *n.* (וואר'-ניש-טריע) א לאק־בוים, א לאקיר־בוים [א בוים, וועמעס זאפט דיענט אלס לאקיר].

var'sal *a.* (וואר'-סעל) אלוועלטליך. ז. ***universal***

var'sity *n.* (וואר'-סי-טי) ז. ***university***

va'rus *n.* (וויי'-ראס) א פוס־אויסקרימונג; א קרום־פיסיגער.

var'vels *n.* (וואר'-וועלז) זילבערנע פוס־רינגען מיט דעם נאמען פון אייגענטימער וואס מען טהוט אן יאגד־פאלקען [סאקאלען].

var'y *v.* (וועהר'-אי) 1. ענדערען, פערענדערען; זיך פערענדערען; 2. מאכען פערשיעדען אדער פערשיעדענארטיג; זיין פערשיעדען אדער פערשיעדענארטיג; 3. אבווייכען; 4. ניט איינשטימען, ניט הארמאנירען; 5. אין מוזיק — מאכען וואריאציאנען [וויעדערהאלען א מאטיוו אויף א פערשיעדענעם שטייגער].

1. We were compelled to **vary** our plans. 2. Workers **vary** in skill. 4. I knew we were bound to **vary** in our opinions.

vas *n.* (וועס) א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [ווי א בלוט־אדער, א קאנאל פאר פערשיעדענע פליסיגקייטען אין קערפער א. ז. וו.].

va'sal *a.* (וויי'-סעל) וואס איז שייך צו א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [ווי למשל, א בלוט־געפעס אדער בלוט־אדער].

vas'cular *a.* (וועס'-קיו-לאר) וואס איז שייך צו א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [וואו עס געהען דורך פערשיעדענע פליסיגקייטען, ווי למשל, א בלוט־ארטעריע] אדער צו זאפט־געפעס [ביי פלאנצען]; וואס האט פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס.

vascular'ity *n.* (וועס-קיו-לער'-אי-טי) דאס בעשטעהן פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס; דאס פערמאגען פיעל פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. ***vascular***

vasculariza'tion *n.* (וועס-קיו-לאר-אי-זיי'-שאן) דאס בעקומען [פיעלע אדער נייע] פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. ***vascular***

vas'cularize *v.* (וועס'-קיו-לאר-איז) בעזארגען מיט פליסיגקייטס־געפעס, בלוט־אדערען אדער זאפט־געפעס. ז. ***vascular***

vas'cularly *adv.* (וועס'-קיו-לאר-לי) מיט דער הילף פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס; אין בעצוג צו דער סיסטעם פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. ***vascular***

vas'culomotor *a.* (וועס'-קיו-לא-מאו-טאר) ז. ***vasomotor***

vas'culum *n.* (וועס'-קיו-לאם) א באטאניקער'ס קעסטעל פאר די געזאמעלטע פלאנצען; א פליסיגקייטס־געפעס אין קערפער [ווי למשל, א בלוט־אדער]; דער פענים, דער מענליכער געשלעכטס־גליעד.

vase *n.* (ווייס) א וואזע; א וואזע־עהנליכע בעציערונג; דער קאפ פון א קארינטישען זייל.

vase'-clock *n.* (ווייס'-קלאק) א וואזע־זייגער [א זייגער אין דער פארם פון א וואזע].

vase'ful *n.* (ווייס'-פול) א פולע וואזע, אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין א וואזע.

vas'eline *n.* (וועס'-ע-לין) וואזעלין.

vase'-pain'ting *n.* (ווייס'-פיינ'-טינג) וואזעס־דעקאראציאנען.

vasifac'tive *a.* (וועס-אי-פעק'-טיוו) וואס פראדוצירט נייע בלוט־אדערען.

vas'iform *a.* (וועס'-אי-פארם) עהנליך צו א בלוט־אדער, פליסיגקייטס־קאנאל אדער

פליסיגקייטס⸗געפעס [פון קערפער],
רעהר⸗פערמיג.

vas'iform el'ements (וועס'-אי-פארם
על'-אי-מענטס) די זאפט⸗קאנאלעכלעך
אדער זאפט⸗געפעס אין פלאנצען.

vasoconstric'tive *a.* (וועס-א-קאנ-
סטריק'-טיוו) וואס ציהט צוזאמען בלוט⸗
אדערען און אנדערע פליסיגקייטס⸗געפעס
פון קערפער [ווי למשל, א נערוו אדער א
מעדיצינישער מיטעל].

vasoconstric'tor *a. and n.* (וועס-א-
קאנ-סטריק'-טאר) וואס ציהט צוזאמען א
בלוט⸗אדער אדער אן אנדער פליסיגקייטס⸗
געפעס פון קערפער; א מעדיצין אדער א
נערוו וואס ציהט צוזאמען א בלוט⸗אדער.

vasodila'tor *a. and n.* (וועס-א-די-
ליי'-טאר) וואס ציהט פאנאנדער א בלוט⸗
אדער; א נערוו אדער א מעדיצינישער
מיטעל וואס ציהט פאנאנדער א בלוט⸗
אדער.

vas'o-inhib'itory *a.* (וועס'-א-אינ-
היב'-אי-טא-רי) וואס איז שייך צו דער
נערוועו⸗קראפט וואס ציהט פאנאנדער א
בלוט⸗אדער.

vasomo'tor *a.* (וועס-א-מאו'-טאר) וואס
רעגולירט די שפאנונג פון די בלוט⸗אדערען
[ווי למשל, נערוועו].

vas'sal *n., a. and v.* (וועס'-על) א
וואסאל [אין דער פעאדאלער ארדנונג. ז.
feudal system]; אן אונטערטהאן, אן
אונטערווארפענער; א דיענער; א שקלאף,
א קנעכט; א געמיינער יונג; קנעכטיש,
שקלאפיש; מאכען פאר א וואסאל; מא⸗
כען אונטערטהעניג; פערשקלאפען, פער⸗
קנעכטען, בעהאנדלען מעשה הערשער; הער⸗
שען.

vas'salage *n.* (וועס'-על-עדזש) וואסא⸗
לענטום, לעהנס⸗פליכט, וואסאלען⸗פליכט
[אין דער פעאדאלער ארדנונג. ז.
feudal system]; אונטערטהעניגקייט,
אבהענגיגקייט; שקלאפעריי; דאס לאנד
פון א וואסאל.

vas'salry *n.* (וועס'-על-רי) דאס ווא⸗
סאלענטום; וואסאלען. ז. *vassal*

vast *a. and n.* (וועסט) גרויס, אונגע⸗
הייער; אונענדליך; אן אונענדליכע
שטרעקע; אונענדליכע לעערקייט; אונגע⸗
הייערקייט.

Vast armies were engaged in the campaigns of this war.

vas'titude *n.* (וועס'-טי-טיוד)
ז. *vastness*

vas'tity *n.* (וועס'-טי-טי) וויסטקייט,
לעערקייט; גרויסקייט, אונגעהייערקייט,
אונענדליכקייט.

vast'ly *adv.* (וועסט'-לי) אונגעהייער,
אונגעהייער גרויס; אונענדליך.

vast'ness *n.* (וועסט'-נעס) גרויסקייט,
אונגעהייערקייט, אונענדליכקייט.

vas'tus *n.* (וועס'-טאס) איינער פון די
גרויסע מוסקולען אין דעם פאדערשטען
טייל פון דער פאלקע [שענקעל].

vas'ty *a.* (וועס'-טי) גרויס, אונגעהייער,
אונענדליך.

vat *n. and v.* (וועט) א כלי, א פאס,
א צעבער; א האלענדישע מאס פון אונ⸗
געפעהר 22 טעפ [גאלאן]; אריינלעגען
אין א פאס אדער צעבער.

vat'-blue *n.* (וועט'-בלוה) אינדיגא⸗בלוי.
ז. *indigo blue*

vat'ic *a.* (וועט'-איק) פראפעטיש, נביאות'⸗
דיג, מיט רוח הקודש.

Vat'ican *n.* (וועט'-אי-קען) דער וואטי⸗
קאן, דער פאפסטליכער פאלאץ אין רוים;
די פאפסטליכע רעגיערונג.

Vat'icanism *n.* (וועט'-אי-קען-איזם)
אולטראמאנטאניזם.
ז. *ultramontanism*

Vat'icanist *n.* (וועט'-אי-קען-איסט) א
שטארקער אנהענגער פון פאפסט אדער פון
פאפסטליכער הערשאפט, אן אולטראמאנ⸗
טאנער. ז. *ultramontanist*

vat'icide *n.* (וועט'-אי-סאיד) א פרא⸗
פעטען⸗מערדער, איינער וואס טויטעט א
נביא; פראפעטען⸗מארד.

vatic'inal *a.* (וועט-טיס'-אי-נעל)
ז. *vatic*

vatic'inate *v.* (וועט-טיס'-אי-נייט)
פארויסזאגען, פראפעצייהען, זאגען נביאות.

vaticina'tion *n.* (וועט-טיס-אי-ניי'-שאן)
פארויסזאגונג, פראפעצייהונג, נביאות.

vatic'inator *n.* (וועט-טיס'-אי-ניי-טאר)
א נביא, א פראפעצייהער, א פארויסזאגער.

vatic'inatress *n.* (וועט-טיס'-אי-ניי-
טרעס) א נביאה, א פראפעטין.

vat'-net *n.* (וועט'-נעט) א נעץ איבער
א פאס אדער אנדער כלי אום דורכצוזייען
א פליסיגקייט.

vat'ting *n.* (וועט'-אינג) דאס אריינגי⸗
סען אדער דאס האלטען אין פעסער.

vaude'ville *n.* (וואוד'-וויל) א וואדע⸗
וויל, א לייכטע טעאטראלישע פארשטעלונג
געמישט מיט געזאנג, מעהרסטענטייל אין
איין אקט; א לייכטעס, לעבעדיגעס, סאטי⸗
רישעס ליעד; א פאפולערעס ליעד, א
פאלקס⸗ליעד.

vaude'villist *n.* (וואוד'-וויל-איסט) א
פערפאסער אדער זינגער פון וואדעווילען.
ז. *vaudeville*

vault *n. and v.* (וואהלט) א געוועלב, א
וועלבונג; א געוועלבטער דאך; דער הי⸗
מעל⸗געוועלב; א געוועלבטעס צימער, א
צימער, אן אונטערערדישעס צימער; א גע⸗
וועלב⸗עהנליכער קערפער⸗טייל; א קעלער⸗
געוועלב, א קעלער; א סקליעפ; א קבר;
א תפיסה; אן אבטרעט, א בית הכסא:
א שפרונג; מאכען געוועלבט; מאכען א
געוועלב; א שפרונג טהאן, אריבערשפרינ⸗
גען; מאכען קונצען אין שפרינגען.

vaul'ted *a.* (וואהל'-טעד) געוועלבט, מיט
א געוועלב; מיט סקליעפעס, קעלערען אדער
אונטערערדישע צימערען.

vaul'ter *n.* (וואהל'-טער) א שפרינגער,
א קונצען⸗מאכער; א טענצער.

vaul'ting *n.* (וואהל'-טינג) וועלבונג,
געוועלב⸗ווערק, געוועלבען; דאס שפרינגען,
קונצען⸗מאכעריי.

vaul'ting-cap'ital *n.* (וואהל'-טינג-
קעפ'-אי-טעל) דער טייל פון א זייל, אז
וועלכען עס שליסט זיך אן א געוועלב.

vaul'ting-horse *n.* (וואהל'-טינג-
האהרס) א הילצערן פערד צו מאכען גימ⸗
נאסטישע איבונגען.

vaul'ting-pil'lar *n.* (וואהל'-טינג-
פיל'-אר) ז. *vaulting-shaft*

vaul'ting-shaft *n.* (וואהל'-טינג-
שעפט) א זייל, אן וועלכען עס שליסט זיך
אן א געוועלב.

vault'-light *n.* (וואהלט'-לאיט) א גלע⸗
זערנער דאך איבער א געוועלב.

vault'-work *n.* (וואהלט'-הוואירק) גע⸗
וועלב⸗ווערק, געוועלבען.

vaul'ty *a.* (וואהל'-טי) ז. *vaulted*

vaunt *v. and n.* (וואהנט) זיך ריהמען;
זיך בעריהמען; טריאומפירען, זיך פרע⸗
העז; בעריהמעריי; דער אנפאנג, דער
ערשטער טייל.

vaunt'-courier' *n.* (וואנט'-קוה-ריער')
ז. *van-courier*

vaun'ter *n.* (וואהנ'-טער) א בעריהמער.

vaun'tery *n.* (וואהנ'-טער-אי) בעריה⸗
מעריי.

vaunt'ful *a.* (וואהנט'-פול) בעריהמע⸗
ריש.

vaun'ting *n.* (וואהנ'-טינג) בעריהמעריי.

vaun'tingly *adv.* (וואהנ'-טינג-לי) בע⸗
ריהמעריש, מיט בעריהמעריי.

vav'asor *n.* (וועוו'-ע-סאר) אין דער
פעאדאלער ארדנונג — אן אפטערלעהנס⸗
מאן, א וואסאל פון א גרויסען פריץ וואס
האט געהאט אייגענע וואסאלען.
ז. *feudal system*

vav'asory *n.* (וועוו'-ע-סא-רי) אן
אפטערלעהן, דאס לאנד פון אן אפטער⸗
לעהנסמאן. ז. *vavasor*

vav'asour *n.* (וועוו'-ע-סוהר)
ז. *vavasor*

va'ward *n. and a.* (וויי'-הווארד) דער
אוואנגארד, דער פאדער⸗טייל [פון אן אר⸗
מעע]; וואס איז אין אוואנגארד, וואס
געהט פארויס, פאדערשט.

V. C. *vice chairman* ראשי תבות פון

Ve'adar *n.* (וויע'-ע-דאר) דער חדש ואדר
[אין אן עבור⸗יאהר].

veal *n.* (וויעל) קאלב⸗פלייש.

veal'-skin *n.* (וויעל'-סקין) אזא הויט⸗
אויסשלאג [הויפטזעכליך אויף די אויע⸗
רען, אויף'ן האלז און אויף'ן פנים].

vea'ly *a.* (וויע'-לי) קעלבערן, קעלבער⸗
נער.

vec'tis *n.* (וועק'-טיס) אזא כירורגישער
אינסטרומענט צום פערלייכטערען די גע⸗
בורט פון א קינד.

vectita'tion *n.* (וועק-טי-טיי'-שאן) דאס
טראגען, דאס פיהרען; טראגונג, פיהרונג.

vec'tor *n. and a.* (וועק'-טאר) א וועק⸗
טאר [א ליניע אין רוים פון א בעשטימ⸗
טער לענג און ריכטונג, נאר אהן א בע⸗
שטימטער לאגע אדער ארט. ווערט מיים⸗
טענס בענוצט צו בעצייכנען די גרויס און
ריכטונג פון א קראפט]; א ראדיוס⸗וועק⸗
טאר [ז. *radius vector*]; וואס איז
שייך צו א וועקטאר.

vecto'rial *a.* (וועק-טאו'-רי-על) מיט
א וועקטאר אדער וועקטארען, וואס איז
שייך צו א וועקטאר. ז. *vector*

vec'ture *n.* (וועק'-טשור) טראגונג, פיה⸗
רונג.

Ve'da *n.* (וויי'-דא) די וועדא [די היי⸗
ליגע שריפטען פון די פארצייטיגע הינ⸗
דוסען].

Vedan'ta *n.* (ווע-דאנ'-טא) וועדאנטא,
די וועדא⸗לעהרע, א פילאזאפישע סיסטעם
נעגרינדעט אויף די וועדאס [די הייליגע
שריפטען פון די פארצייטיגע הינדוסען].

Vedan'tic *a.* (ווע-דאנ'-טיק) וועדאנטיש,
וואס איז שייך צו וועדאנטא. ז. *Vedanta*

vedette' *n.* (ווי-דעט') א רייטער⸗וואך.

Ve'dic *a.* (וויי'-דיק) וועדיש, וואס איז
שייך צו די וועדאס. ז. *Veda*

veer *v.* (וויער) אויסדרעהן, אומקעהרען,
ענדערען די ריכטונג; זיך אויסדרעהן,
ענדערען די ריכטונג; זיך ענדערען.

veer'able *a.* (וויער'-עבל) פערענדערליך
[וועגען א ווינד].

veer and haul (וויער ענד האהל)
שטארק אנציהען און ביסלעכווייז נאכלא⸗
זען [ווי א שיפס⸗שטריק].

veer away' (וויער ע-הוויי') נאכלאזען,
אבלאזען, לאזען לויפען [ווי א שיפס⸗
שטריק].

veer'ing *n. and a.* (וויער'-אינג) אומ⸗

דרעהונג, ענדערונג; ענדערונג פון דער ריכטונג; א קאפריזנע ענדערונג, א קאפריז; זיך דרעהענד, זיך ענדערענד, ענדערענד די ריכטונג.

veer'ingly *adv.* (וויער'-אינג-לי) זיך אומדרעהענדיג, זיך ענדערענדיג, אונבעשטענדיג.

veer'y *n.* (וויער'-אי) אזא אמעריקאנישער דראָסעל. ז. *thrush*.

Vegetabil'ia *a.* (וועדזש-אי-טע-ביל'-אי-א) דאס פלאנצען־רייך, די פלאנצען־וועלט.

vegetabil'ity *n.* (וועדזש-אי-טע-ביל'-אי-טי) פלאנצענארטיגקייט, די פלאנצען־נאטור.

veg'etable *n. and a.* (וועדזש'-אי-טעבל) א פלאנצע; גרינס, שפייז־פלאנצען, גראז־פלאנצען; פלאנצענארטיג; וואס איז שייך צו פלאנצען; וואס איז שייך צו גרינסען.

veg'etable anato'my (וועדזש'-אי-טעבל ע-נעט'-א-מי) פלאנצען־אנאטאמיע, דער טייל פון באטאניק וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם געבוי פון פלאנצען.

veg'etable brim'stone (וועדזש'-אי-טעבל ברים'-סטאון) העקסען־מעהל, צויבער־מעהל. ז. *lycopodium powder*.

veg'etable but'ters (וועדזש'-אי-טעבל באט'-ערז) פלאנצען־פוטער [פוטער־ענהליכע שטאפען געמאכט פון פלאנצען].

veg'etable cal'omel (וועדזש'-אי-טעבל קעל'-א-מעל) די צויבער־פלאנצע [ז. *mandrake*]; דער מאי־עפעל [ז. *May-apple*].

veg'etable col'ic (וועדזש'-אי-טעבל קאל'-איק) בויכוועהטאג וואס קומט פון עסען גרינסען.

veg'etable egg (וועדזש'-אי-טעבל עג) די אייער־פלאנצע. ז. *egg-plant*.

veg'etable i'vory (וועדזש'-אי-טעבל אי'-ווא-רי) פלאנצען־עלפענביין [דער אייווייס שטאף פון אן עלפענביין־נוס וואס ווערט געברויכט פאר בעפוצונגען]. ז. *ivory-nut*.

veg'etable king'dom (וועדזש'-אי-טעבל קינג'-דאם) דאס פלאנצען־רייך; די פלאנצען־וועלט.

veg'etable parch'ment (וועדזש'-אי-טעבל פארטש'-מענט) ז. *parchment paper*.

veg'etable physiol'ogy (וועדזש'-אי-טעבל פי-זי-אל'-א-דזשי) פלאנצען־פיזיאלאגיע, דער טייל פון באטאניק וואס בעשעפטיגט זיך מיט די לעבענס־פראצעסען פון פלאנצען און מיט די פונקציאנען פון זייערע בעזונדערע טיילען.

veg'etablize *v.* (וועדזש'-אי-טע-בלאיז) מאכען פלאנצען־ענהליך.

veg'etal *a. and n.* (וועדזש'-אי-טעל) וואס איז שייך צו פלאנצען, פלאנצען־ענהליך, פלאנצען־ארטיג; וועגעטאטיוו, פיהרענד א פלאנצען־לעבען [אהן א העכערען מענשליכען שטרעבען און גענוס]; וואס איז שייך צו די לעבענס־פראצעסען און לעבענס־פונקציאנען וואס זיינען געמיינשאפטליך ביי חיות און פלאנצען [ווי נעהרונג, וואקסונג א. ז. וו.].

vegetal'ity *n.* (וועדזש-אי-טעל'-אי-טי) פלאנצענארטיגקייט; פלאנצען־נאטור; פלאנצענארטיגע לעבענס־ארט [אהן העכערען שטרעבען און גענוס]; די פיזיאלאגישע פונקציאנען וואס זיינען געמיינשאפטליך ביי פלאנצען און חיות [ווי וואקסונג, נעהרונג א. ז. וו.].

vegeta'rian *n. and a.* (וועדזש-אי-טיי'-רי-ען) א וועגעטאריאנער [איינער וואס ערנעהרט זיך בלויז מיט פלאנצען און עסט ניט קיין דבר מן החי]; וועגעטאריאניש, זיך ערנעהרענדיג בלויז מיט פלאנצען; וואס בעשטעהט אין גאנצען פון פלאנצען אדער גרינסען [ווי שפייזען].

vegeta'rianism *n.* (וועדזש-אי-טיי'-רי-ען-איזם) וועגעטעריאניזם, דאס לעבען בלויז אויף פלאנצען, די לעהרע, אז מענשען דארפען זיך ערנעהרען בלויז מיט פלאנצען.

veg'etate *v.* (וועדזש'-אי-טייט) וואקסען ווי א פלאנצע; וועגעטירען, פיהרען א פלאנצען־לעבען [לעבען אהן העכערען שטרעבען און גענוס, לעבען פויל און נוצלאז]; פאראורזאכען וואקסונג אדער פלאנצען־וואקסונג.

vegeta'tion *n.* (וועדזש-אי-טיי'-שאן) 1. וועגעטאציאן, פלאנצען־וואקסונג, פלאנצען־לעבען; 2. פלאנצונגען, די פלאנצען־וועלט; 3. א קראנקהאפטער אנוואוקס אויף'ן קערפער.

2. The district is noted for its luxuriant vegetation.

veg'etative *a. and n.* (וועדזש'-אי-טיי-טיוו) וואקסענד; וועגעטאטיוו, וואס איז שייך צו יענע לעבענס־פראצעסען און פונקציאנען, וואס זיינען געמיינשאפטליך אי ביי חיות אי ביי פלאנצען; פיהרענד א פלאנצען־לעבען [אהן העכערע שטרעבונגען און גענוס]; פויל, אבגעלאזען, ניט פראגרעסיוו; וואס פראדוצירט פלאנצען [ווי א באדען]; א פלאנצע.

veg'etatively *adv.* (וועדזש'-אי-טיי-טיוו-לי) וואקסענדיג; וועגעטאטיוו, פלאנצען־ענהליך, פיהרענדיג א פלאנצען־לעבען. ז. *vegetative*.

veg'etativeness *n.* (וועדזש'-אי-טיי-טיוו-נעס) די וואקסונגס־קראפט, דאס זיין וועגעטאטיוו. ז. *vegetative*.

veg'eto-al'kali *n.* (וועדזש'-אי-טאו-על'-קע-לי) אן אלקאלאאיד [א כעמישע פערבינדונג מיט אלקאלי]. ז. *alkaloid*.

ve'hemence *n.* (וויע'-הי-מענס) העפטיגקייט, שטורמדיגקייט, שטארקייט, גוואלדיגקייט, פייעריגקייט.

ve'hemency *n.* (וויע'-הי-מען-סי) ז. *vehemence*.

ve'hement *a.* (וויע'-הי-מענט) העפטיג, שטורמדיג, שטארק, גוואלדיג, פייעריג.

The orator was **vehement** in his denunciation of his opponent.

ve'hemently *adv.* (וויע'-הי-מענט-לי) אויף א העפטיגען, שטורמדיגען אופן; מיט גוואלדיגער קראפט; מיט פייעריגקייט.

ve'hicle *n. and v.* (וויע'-היקל) 1. א פוהר, א וואגען; אן עקיפאזש; 2. אן איבערפיהרונגס־מיטעל, אן איבערטראגונגס־מיטעל, א טראנספארטאציאנס־מיטעל, אן איבערגעבונגס־מיטעל; 3. א שטאף, אין וועלכען עס ווערט פאנאנדערגעפיהרט א מעדיצין; א פליסיגקייט צום פאנאנדערפיהרען פארבען; 4. איבערפיהרען, טראנספארטירען; איבערגעבען.

1. It was impossible to engage a **vehicle** to take us across the mountains. 2. Poetry is the best **vehicle** to convey noble sentiments.

vehic'ular *a.* (ווי-היק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א וואגען, וואס דיענט אלס טראנספארטאציאנס־מיטעל.

vehic'ulatory *a.* (ווי-היק'-יו-לע-טא-רי) ז. *vehicular*.

veh'me *n.* (פיי'-מע) ז. *vehmgericht*.

vehm'gericht *n.* (פיימ'-גע-ריכט) די פעמע אדער פעמגעריכט [א מין מיטעלאלטערליכער געריכטס־טריבונאל אין דייטשלאנד].

veh'mic *a.* (פיי'-מיק) וואס איז שייך צו דער פעמע אדער צום פעמגעריכט [א מיטעלאלטערליכער געריכטס־טריבונאל אין דייטשלאנד].

veil *n. and v.* (ווייל) א שלייער, א פערהילונג; א וואואל, א געזיכטס־פערדעק; א פארהאנג; א מאסקע; א וואואל־ענהליכער קערפער־טייל אדער הייטעל; פערשלייערען; פערדעקען; פערבארגען; איינהילען; פערמאסקירען.

vei'ler *n.* (וויי'-לער) אן איינהילער, א פערדעקער; אן איינהילונג, א פערדעק.

vei'ling *n.* (וויי'-לינג) פערהילונג, פערדעקונג, פערשלייערונג; א וואואל, א לייכטע פערהילונג; וואואלען־מאטעריאל, שלייער־מאטעריאל.

vein *n. and v.* (וויין) אן אדער, א בלוט־אדער; אן ערץ־אדער, א מעטאל־אדער; א נערוו, אן אדער פון א בלאט; א ריפ אדער אן הארנדיג רעהרעל אין די פליגעלעך פון אינזעקטען; א פערטיעפונג, א שפאלט, א הייהל [אין דער ערד]; אן אדער אדער שטרייף אין האלץ, מארמאר א. ז. וו.; א כאראקטער־שטריך, אן אייגענשאפט; א סטיל [אין רעדען אדער שרייבען]; נייגונג, אנלאגע; שטימונג, לוינע; געמיטה; בעדעקען מיט אדערען, מאכען אדערדיג; שטרייפען.

vei'nage *n.* (וויי'-נעדזש) די אדערען; פארמאציאן אדער אויסבילדונג פון אדערען; געשטרייפטקייט [אין דער פארם פון אדערען].

veined *a.* (וויינד) געאדערט, אדערדיג, מיט אדערען; געשטרייפט, בונט [ווי למשל, מארמאר]. ז. *vein*.

vei'ning *n.* (וויי'-נינג) די פארמאציאן אדער אויסבילדונג פון אדערען; אן אדערען־נעץ; געשטרייפטקייט, בונטקייט.

vein'less *a.* (וויינ'-לעס) אהן אדערען; ניט געשטרייפט. ז. *vein*.

vein'let *n.* (וויינ'-לעט) אן אדערעל; א קליינער פלאנצען־נערוו. ז. *vein*.

vein'-like *a.* (וויינ'-לאיק) אדער־ענהליך.

vei'nous *a.* (וויי'-נאס) אדערדיג.

vein'stone *n.* (וויינ'-סטאון) שטיינדעל אין אן אדער; די טיילען פון אן ערץ־אדער אדער ערץ־לאגער וואס ענטהאלטען ניט קיין מעטאל [ז. *gangue*].

vei'nule *n.* (וויי'-ניול) אן אדערעל.

vei'ny *a.* (וויי'-ני) ז. *veined*.

vela'men *n.* (ווי-ליי'-מען) ז. *velamentum*.

velamen'tous *a.* (וועל-ע-מענ'-טאס) ווי א דין הייטעל, וואואל־ענהליך; ענהליך צו א זעגעל.

velamen'tum *n.* (וועל-ע-מענ'-טאם) א הייטעל, א הייטעל־איינהילונג.

ve'lar *a.* (וויע'-לאר) וואואל־ענהליך; וואס איז שייך צו א הייטעל־איינהילונג אדער הייטעל־לעפעל; וואס ווערט ארויסגערעדט מיט דער הילף פון ווייכען טייל פון גומען [ווי די קלאנגען *kw*, *gw* און *qu*].

vela'rium *n.* (ווי-ליי'-רי-אם) ז. *velum*.

ve'lary *a.* (וויע'-לאר-אי) וואס איז שייך צו א שיפס־זעגעל.

ve'late *a.* (וויע'-לייט) פערשלייערט, איינגעהילט; וואס האט א הייטעל־איינהילונג אדער א הייטעל־לעפעל [וועגען גע־

וויסע בעשעפענישן אדער קערפער-טיילען].

vela'tion *n.* (ווי-ליי'-שאַן) איינהילונג; פערשלייערונג; פערדעקונג, פערהילונג; בעהאַלטענקייט; געהיימניס; די אויסבילדונג פון א הייטעל-איינהילונג אדער הייטעל-לעפעל [ביי פערשיעדענע בעשעפענישען אדער ביי קערפער-טיילען].

ve'lic *a.* (וויע'-ליק) וואס איז שייך צו א זענעל.

velif'erous *a.* (ווי-ליפ'-ע-ראַס) מיט זעגלען, בעזעגעלט; וואס האט א הייטעל-איינהילונג אדער הייטעל-לעפעל [וועגען געוויסע בעשעפענישען אדער קערפער-טיילען].

vel'iform *a.* (וועל'-אי-פאַרם) וואס בילדעט אוים א הייטעל-איינהילונג אדער הייטעל-לעפעל. ז. *velum*.

vell *n.* (וועל) א הויט, א הייטעל.

velle'ity *n.* (ווע-ליע'-אי-טי) א שוואכער ווילען, א מאכטלאזע אדער ווילענלאזע נייגונג אדער פערלאַנג.

vel'licate *v.* (וועל'-אי-קייט) צוקען, ציהען; ארויסרופען א צוקונג אדער א קאַנוואולסיווע בעוועגונג [ווי פון א נערוו אדער מוסקול].

vellica'tion *n.* (וועל-אי-קיי'-שאַן) צוקונג, ציהונג; קאַנוואולסיען.

vel'licative *a.* (וועל'-אי-קיי-טיוו) ציהענד, צוקענד, ארויסרופענד קאַנוואולסיען.

vel'lum *n.* (וועל'-אַם) וועלין [אזא דינער פארמעט].

velo'ce *adv.* (ווע-לאַו'-טשע) אין מוזיק — זעהר שנעל.

veloc'iman *n.* (ווי-לאַס'-אי-מען) א מין וועלאסיפעד וואס ווערט געטריבען מיט די הענד.

velocim'eter *n.* (וועל-אַ-סימ'-ע-טער) א געשווינדקייטס-מעסטער [אן אפאראט צו מעסטען געשווינדקייט].

veloc'ipede *n.* (ווי-לאַס'-אי-פיעד) א וועלאסיפעד. ז. *bicycle*.

velocipe'dean *n.* (ווי-לאַס-אי-פיע'-די-ען) ז. *velocipedist*.

veloc'ipedist *n.* (ווי-לאַס'-אי-פיע-דיסט) א וועלאסיפעדיסט, א וועלאסיפעד-פאהרער.

veloc'ity *n.* (ווי-לאַס'-אי-טי) שנעלקייט, געשווינדקייט.

vel'odrome *n.* (וועל'-אַ-דראום) א פלאַץ פאר וועט-לויף אויף וועלאסיפעדען.

velo'nia *n.* (ווי-לאַו'-ני-אַ) ז. *valonia*.

velours' *n.* (ווע-לוהר') סאמעט, א סאַמעט-עהנליכער שטאָף.

veloutine' *n.* (וועל-או-טיען') אזא וואַלען-צייג.

ve'lum *n.* (וויע'-לאַם) א הייטעל-איינהילונג אדער הייטעל-לעפעל [ביי פערשיעדענע בעשעפענישען אדער קערפער-טיילען]; אן איבערצוג איבער א פארצייטיגען דאכלאזען רוימישען טעאטער [צו בעשיצען פון א רעגען].

velu'men *n.* (ווי-ליו'-מען) סאמעט-עהנליכקייט, סאמעטדינקייט.

vel'ure *n.* and *v.* (וועל'-יור) א צייג מיט א געדיכטער, ווייכער בארווע [וואָרסע]; סאמעט; וועלוועטין, באַנוועל-סאַמעט; מאַנטשעסטער; א זיידענעם אדער פליושענעם קישעלע אבצוגלעטען א הוט; מאכען גלאַט און גלאַנציג א הוט.

velu'tine *a.* (ווי-ליו'-טין) ז. *velutinous*.

velu'tinous *a.* (ווי-ליו'-טי-נאַס) סאַמעטיג, סאמעט-ווייך; בעדעקט מיט קליינע הערלעך.

vel'veret *n.* (וועל'-ווער-עט) א מין סאמעט פון א נידריגען סאַרט.

vel'vet *n.*, *a.* and *v.* (וועל'-וועט) סאַמעט; געוואונענעם געלד [אין אזארטנע שפיעלען]; דער אויבערשטער שיכט פון א וואקסענדען הירש-האָרן; סאמעטענער, פון סאמעט; סאמעט-ארטיג, ווי סאמעט, גלאַט און ווייך; מאכען סאמעט-מאלעריי, מאלען אויף סאמעט; בעדעקען מיט סאַמעט; מאכען סאמעט-עהנליך.

vel'vetbreast *n.* (וועל'-וועט-ברעסט) דער אמעריקאנער קאַלבען-טויכער [ז. *merganser*]; די אמעריקאנער בראַנד-ענטעל [ז. *sheldrake*].

velveteen' *n.* (וועל-ווע-טיען') וועלענטין, פראסטער סאמעט, מאַנטשעסטער.

vel'vet-flow'er *n.* (וועל'-וועט-פלאַו'-ער) די סאמעט-בלום [אזא בלום].

vel'vet-guards *n.* (וועל'-וועט-גארדז) סאמעט-בעזאַץ, סאמעט-בעפוצונג; מענשען וואס טראַגען קליידער, וועלכע זיינען בעפוצט מיט סאַמעט.

vel'veting *n.* (וועל'-וועט-אינג) סאַמעט-האָריגקייט, די סאמעט-באַרווע [וואָרסע].

vel'vetings *n.* (וועל'-וועט-אינגז) סאַמעט-וואארעס; א שטיק סאמעט-צייג.

vel'vet-pain'ting *n.* (וועל'-וועט-פיינ'-טינג) סאמעט-מאַלעריי, דאס מאַלען אדער ארויסברייגנען קאָלירען און אוזארען אויף סאמעט.

vel'vet-pa'per *n.* (וועל'-וועט-פיי'-פער) ז. *flock-paper*.

vel'vet-pile *n.* (וועל'-וועט-פאַיל) סאַמעט-האָריגקייט, סאמעט-באַרווע [וואָרסע]; א סאמעט-עהנליכער צייג [מיט א לאַנגער ווייכער באַרווע].

vel'vet-sat'in *n.* (וועל'-וועט-סעט'-אין) סאמעט-סאַטין [סאמעט-עהנליכער זיידען-צייג].

vel'vet-work *n.* (וועל'-וועט-הוואירק) שטיקעריי אויף סאמעט.

vel'vety *a.* (וועל'-וועט-אי) סאמעטענער, פון סאמעט; סאמעטדיג, סאַמעט-ארטיג, ווי סאמעט; ווייך און גלאַט.

ve'na *n.* (וויע'-נאַ) אן אדער, א בלוט-אדער.

ve'na ca'va (וויע'-נאַ קיי'-וואַ) איינע פון די צוויי גרויסע בלוט-ארטעריען, וואס פיהרען צו דער רעכטער עפנונג אדער אויערעל פון הארץ.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

ve'nal *a.* (וויע'-נעל) פערקויפליך, וואס פערקויפט זיך פאר געלד; וואס געפינט זיך אין די אדערען, וואס קומט פון די אדערען, וואס איז שייך צו די אדערען.

venal'ity *n.* (ווי-נעל'-אי-טי) פערקויפליכקייט.

ve'nally *adv.* (וויע'-נעל-אי) זיך פערקויפענדיג.

ven'ary *n.* and *a.* (וועג'-ע-רי) פון יאַגד, וואס איז שייך צו יאַגד; יאַגד.

venat'ic *a.* (ווי-נעט'-איק) יעגעריש; וואס איז שייך צו יאַגד, וואס ווערט בענוצט אין יאַגד; פערקאַכט אין יאַגד.

venat'ical *a.* (ווי-נעט'-אי-קעל) ז. *venatic*.

venat'ically *adv.* (ווי-נעט'-אי-קעל-אי) אין יאַגד; אויף א יעגערישען אופן; ווי אין יאַגד.

vena'tion *n.* (ווי-ניי'-שאַן) די גרופירונג פון די אדערען, דאס אדערען-סיסטעם.

venato'rial *a.* (וועג-ע-טאַו'-רי-על) וואס איז שייך צו יאַגד; יעגעריש.

vend *v.* (וועגד) פערקויפען.

ven'dace *n.* (וועג'-דייס) דער וועגדאַס [אזא קליינער ווייס-פיש]. ז. *whitefish*.

vendee' *n.* (וועג-דיע') א קויפער, א קונה.

Vendémiaire' *n.* (וואַנ-דיי-מי-עהר') דער ערשטער חדש פון דעם פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנערען קאַלענדאַר [וועלכער איז איינגעפיהרט געווארען אין יאהר 1793].

ven'der *n.* (וועג'-דער) א פערקויפער.

vendet'ta *n.* (וועג-דעט'-אַ) ווענדעטאַ [דאס נקמה נעהמען פאר דעם פערגאָסענעם בלוט פון א קרוב].

vendibil'ity *n.* (וועג-די-ביל'-אי-טי) פערקויפליכקייט, גאַנגבאַרקייט.

ven'dible *a.* and *n.* (וועג'-דיבל) פערקויפליך, גאַנגבאַר; א זאַך צום פערקויפען.

ven'dibleness *n.* (וועג'-דיבל-נעס) ז. *vendibility*.

ven'dibly *adv.* (וועג'-די-בלי) אזוי עס זאָל זיך קענען פערקויפען; אויף א גאַנגבאַרען אופן.

ven'dis *n.* (וועג'-דיס) ז. *vendace*.

vendi'tion *n.* (וועג-דיש'-אַן) פערקויף; פערקויפונג.

ven'dor *n.* (וועג'-דאָר) ז. *vender*.

vendue' *n.* (וועג-דיו') אן עפענטליכער פערקויף, אן אויקציאָן, א ליציטאַציע.

vendue'-mas'ter *n.* (וועג-דיו'-מעס'-טער) אן אויקציאָנער.

veneer' *n.* and *v.* (ווי-ניער') פורניר [האָלץ-בעזאַץ אדער האָלץ-בעפוצונג פון א בעסערען סאַרט האָלץ אויף ערגערען]; בעשלאַג, בעפוצונג [פון א בעסערען שטאָף אויף אן ערגערען, ווי למשל, אויף ליימענע כלים]; פוץ, אויבערפלעכליכער גלאַנץ; פורנירען; בעפוצען פון אויבען-אויף.

veneer'-cut'ter *n.* (ווי-ניער'-קאַט'-ער) א מאַשין אויסצושניידען פורניר-ברעטלעך. ז. *veneer*.

veneer'ing *n.* (ווי-ניער'-אינג) פורנירונג, האָלץ-בעלעגונג; בעפוצונג מיט א שטאָף פון בעסערען סאַרט.

veneer'-mill *n.* (ווי-ניער'-מיל) א פורניר-שנייד-מאַשין. ז. *veneer*.

venef'ical *a.* (ווי-נעפ'-אי-קעל) ז. *veneficial*.

ven'efice *n.* (וועג'-אי-פיס) גיפט-מישעריי, פערגיפטונג; כשוף-מאַכעריי.

venefi'cial *a.* (וועג-אי-פיש'-על) גיפט-מישענד, פערגיפטענד; צויבערענד, פערכשופ'ענד.

venefi'cious *a.* (וועג-אי-פיש'-אַס) ז. *veneficial*.

venefi'ciously *adv.* (וועג-אי-פיש'-אַס-לי) דורך גיפט, פערגיפטענדיג; דורך כשוף.

ven'emous *a.* (וועג'-ע-מאַס) ז. *venomous*.

ven'enate *v.* and *a.* (וועג'-אי-נייט) פערגיפטען; פערגיפטעט.

venena'tion *n.* (וועג-אי-ניי'-שאַן) פערגיפטונג; גיפט.

venenif'luous *a.* (וועג-אי-ניפ'-לו-אַס) פליסענד מיט גיפט אדער מיט גיפטיגען זאַפט.

ven'enous *a.* (וועג'-אי-נאַס) גיפטיג.

venerabil'ity *n.* (ווענ-ע-רע-ביל'-אי-טי) ז. *venerableness*

ven'erable *a.* (ווענ'-ע-רעבל) עהרענווירדיג, פערעהרונגסווירדיג.

ven'erableness *n.* (ווענ'-ע-רעבל-נעס) עהרענווירדיגקייט, פערעהרונגסווירדיגקייט.

ven'erably *adv.* (ווענ'-ע-רע-בלי) אויף אן עהרענווירדיגען אופן.

ven'erate *v.* (ווענ'-ע-רייט) עהרען, פערעהרען.

venera'tion *n.* (ווענ-ע-ריי'-שאן) עהרונג, פערעהרונג.

ven'erator *n.* (ווענ'-ע-ריי-טאר) א פערעהרער.

vene'real *a.* (ווי-ניע'-רי-על) ווענעריש, געשלעכטליך, וואס איז שייך צו געשלעכטליכען פערקעהר, וואס קומט פון געשלעכטליכען פערקעהר; תאוה'דיג; וואס דערוועקט תאוה אדער געשלעכטליכע ליידענשאפט; וואס היילט ווענערישע קראנקהייטען.

vene'real carnos'ity (ווי-ניע'-רי-על קאר-נאס'-אי-טי) ז. *venereal warts*

vene'real disease' (ווי-ניע'-רי-על די-זיעז') א ווענערישע קראנקהייט [וואס קומט פון געשלעכטליכען פערקעהר, ווי סיפיליס, טריפער אדער שאנקער].

vene'real sore (ווי-ניע'-רי-על סאור) ז. *venereal ulcer*

vene'real ul'cer (ווי-ניע'-רי-על אל'-סער) א שאנקער [אזא ווענערישע קראנקהייט].

vene'real warts (ווי-ניע'-רי-על וואהרטס) פרישטשיקעס אדער באראדאווקעס אויף דער שליים-הויט פון די געשלעכטס-גליעדער.

vene'reate *v.* (ווי-ניע'-רי-אייט) מאכען אויסגעלאסען, תאוה'דיג אדער ליידענשאפטליך.

vene'reous *a.* (ווי-ניע'-רי-אס) אויסגעלאסען, תאוה'דיג, ליידענשאפטליך; וואס דערוועקט תאוה.

ven'erer *n.* (ווענ'-ער-ער) א געיעגנ-אויפפאסער; א יעגער.

ven'ery *n.* (ווענ'-ע-רי) יאגד; זנות; געשלעכטליכע בעפריעדיגונג.

venesec'tion *n.* (וויע-ני-סעק'-שאן) די עפענונג פון אן אדער, אדער-לאזונג.

venesec'tion ban'dage (וויע-ני-סעק'-שאן בענ'-דעדזש) א באנדאזש אין דער פארם פון אן 8 אויף'ן עלענבויגען, וואו מען האט געעפענט אן אדער.

Vene'tian *a.* and *n.* (ווי-ניע'-שען) ווענעציאניש, ווענעדיש, וואס איז שייך צו ווענעציען אדער ווענעדיג [אין איטאליען]; וואס איז שייך צו דעם ווענעדישען סטיל פון ארכיטעקטור; א ווענעציאנער [א געבירטיגער פון ווענעציען אדער ווענעדיג]; א ווענעציאנישער פארהאנג [ז. *Venetian blind*]; א דאמינא [א מאסקאראד-קלייד אין דער פארם פון א גלאַ'שען אויבער-מאנטעל מיט א קאפּיושאן].

Vene'tian blind (ווי-ניע'-שען בלאינד) א ווענעציאנישער פארהאנג [אזא פענסטער-לאדען וואס בעשטעהט פון ברעטעלעך, וועלכע קענען זיך פאנאנדערדרעהען אום אריינצולאזען ליכט אדער לופט].

Vene'tian chalk (ווי-ניע'-שען טשאהק) ז. *French chalk*

Vene'tianed *a.* (ווי-ניע'-שענד) וואס האט ווענעציאנישע פארהאנגען. ז. *Venetian blind*

venge *v.* (ווענדזש) זיך נוקם זיין, נעהמען ראכע, זיך אברעכנען.

ven'geance *n.* (ווענ'-דזשענס) ראכע, נקמה.

venge'ful *a.* (ווענדזש'-פול) פול מיט נקמה, וואס זוכט נקמה.

venge'fully *adv.* (ווענדזש'-פול-אי) זוכענדיג נקמה.

venge'fulness *n.* (ווענדזש'-פול-נעס) ראכגיעריגקייט, דער ווּאונש צו נעהמען נקמה.

venge'ment *n.* (ווענדזש'-מענט) דאס נקמה-נעהמען.

ven'ger *n.* (ווענ'-דזשער) א ראכע-נעהמער, א נקמה-נעהמער.

ve'nial *a.* (וויע'-ני-על) פערצייהליך, פערגעבליך; וואס מען קען מוחל זיין; וואס קען פערגעבען ווערען; וואס קען ענטשולדיגט ווערען.

venial'ity *n.* (ווי-ני-על'-אי-טי) פערצייהליכקייט, פערגעבליכקייט, דאס קענען פערגעבען ווערען.

ve'nially *adv.* (וויע'-ני-על-אי) אויף א פערצייהליכען אופן; אזוי, אז מען זאל עס קענען מוחל זיין.

ve'nialness *n.* (וויע'-ני-על-נעס) ז. *veniality*

veni're *n.* (ווי-נאי'-רי) א געריכטס-בעפעהל צום שעריף אויפצופאדערען געריכטס-געשווארענע צו קומען אין געריכט.

veni're fa'cias (ווי-נאי'-רי פיי'-שי-עס) ז. *venire*

veni're-man *n.* (ווי-נאי'-רי-מען) איינער וואס ווערט אויפגעפאדערט דורך דעם שעריף צו קומען אין געריכט אלס געשווארענער.

ven'ison *n.* (ווענ'-זן) ווילדברעט, יאגד-פלייש [פלייש פון ווילדע חיות אדער עופות וואס זיינען געשאסען געווארען אין יאגד און וואס קען בענוצט ווערען אלס שפייז]; הירשען-פלייש.

ven'om *n.* and *v.* (ווענ'-אם) גיפט [הויפטזעכליך פון א שלאנג]; א שעדליכע ווירקונג; שלעכטקייט, בייזקייט; פערגיפטען.

ven'om-albu'min *n.* (ווענ'-אם-על-ביו'-מין) איי-ווייס שטאף וואס געפינט זיך אין שלאנגען-גיפט.

ven'omer *n.* (ווענ'-אם-ער) א פערגיפטער, א גיפט-מישער.

ven'omous *a.* (ווענ'-אם-אס) גיפטיג; שעדליך, פערדערבליך, געפעהרליך; פיינדזעליג, בייז, שלעכט, פול מיט האס, בייזהאפט; בייזוויליג.

ven'omously *adv.* (ווענ'-אם-אס-לי) מיט גיפט; אויף א גיפטיגען שטייגער; אויף א פיינדזעליגען, בייזהאפטען שטייגער.

ven'omousness *n.* (ווענ'-אם-אס-נעס) גיפטיגקייט; שעדליכקייט, פערדערבליכקייט; פיינדזעליגקייט, בייזקייט, שלעכטסקייט, בייזהאפטיגקייט.

ve'nous *a.* (וויע'-נאס) פון די אדערען; וואס געהערט צו די אדערען; וואס ענטהאלט זיך אין די אדערען; וואס האט אדערלעך [ווי א פליגעל פון אן אינזעקט].

ve'nously *adv.* (וויע'-נאס-לי) דורך די אדערען אדער דורך דער בלוט-צירקולאציאן פון די אדערען; האבענדיג א ווירקונג אויף די אדערען.

vent *n.* and *v.* (ווענט) אן עפענונג, א לאך; דאס צינד-לאך פון א ביקס; אן ארויסגאנג, אן אויסגאנג, אן אויסוועג; א פרייער גאנג, א פרייער לויף; אן אויסדרוק, אן אויסשפרעכונג, אן ארויסזאגונג; די עפנונג אין הינטערלייב [פי טבעת]; א מארק; א פערקויף, אן אבגאנג; אויסשפרעכען, ארויסזאגען, אויסדריקען; בעריכטען; עפענטליך בעקאנט מאכען, פערעפענטליכען; פערברייטען; צירקולירען; פערשפרייטען; ארויסלאזען; מאכען א לאך, עפנונג אדער אויסגאנג [אין עפעס]; זיך לייכטער מאכען דאס הארץ, זיך בערוהיגען.

ven'ta *n.* (ווענ'-טא) א גאסט-הויז, אן אכסניה, א קרעטשמע.

ven'tage *n.* (ווענ'-טעדזש) א קליין לעכעל; א פינגער-לאך אין א הילצערנעם בלאז-אינסטרומענט.

ven'tail *n.* (ווענ'-טייל) ז. *aventaile*

ven'taille *n.* (ווענ'-טייל) ז. *aventaile*

ven'ter *n.* (ווענ'-טער) א פערברייטער, א פערשפרייטער, א בעקאנטמאכער, א פאנאנדערשרייער; די געבעהר-מוטער, דאס מוטערלייב; א מוטער; דאס אונטערלייב, דער בויך.

vent'-field *n.* (ווענט'-פיעלד) די פולווער-פלאטע פון א שיס-געוועהר.

vent'-hole *n.* (ווענט'-האול) אן עפנונג, א לאך [ווי למשל, א לופט-לאך אדער ווענטילאציאנס-עפנונג].

ven'tiduct *n.* (ווענ'-טי-דאקט) א לופט-רעהר, א ווינד-רעהר, אן אונטערערדישע ווענטילאציאנס-רעהר.

ven'tilate *v.* (ווענ'-טי-לייט) לופטערען, ווענטילירען; דורכלופטערען; מאכען א געוויע עפענטליכע אונטערזוכונג אדער נאכפארשונג, עפענטליך אונטערזוכען; וועהען, אויסבלאזען [ווי מעקענע פון תבואה].

ven'tilating-brick *n.* (ווענ'-טי-ליי-טינג-בריק) א ווענטילאציאנס-ציגעל [א דורכגעלעכערטער ציגעל, וועלכער שאפט א לופט-דורכגאנג וואס ווערט בענוצט אין ווענטילאציאן און לופט-הייצונג].

ven'tilating-hea'ter *n.* (ווענ'-טי-ליי-טינג-היע'-טער) א ווענטילאציאנס-אויווען [אזא אויווען וואס ציהט אריין פון דרויסען פרישע לופט וועלכע ווערט דערווארעמט און צושיקט דורך דער געביידע].

ventila'tion *n.* (ווענ-טי-ליי'-שאן) לופטערונג, ווענטילאציאן, לופט-רייניגונג, דורכלופטערונג; עפענטליכע אונטערזוכונג; פרייע דיסקוסיאן.

ven'tilative *a.* (ווענ'-טי-ליי-טיוו) ווענטילירענד, לופטערענד, לופט-רייניגענד.

ven'tilator *n.* (ווענ'-טי-ליי-טאר) א לופט-ציהער, א ווענטילאטאר; אן עפענטליכער אונטערזוכער, א פערעפענטליכער.

ven'ting-hole *n.* (ווענ'-טינג-האול) ז. *vent-hole*

vent'less *a.* (ווענט'-לעס) אהן אן ארויסגאנג, אהן אן אויסגאנג, אהן אן אויסוועג.

ven'tose *a.* and *n.* (ווענ'-טאוס) וואס ליידט פון ווינד אין מאגען; ווינדיג; פוסט, נישטיג; א באנקע, א באנקעס-גלעזעל [וואס א רופא שטעלט].

Ventose' *n.* (וואנ-טאוז') וואנטאז [דער זעקסטער מאנאט אין דעם קאלענדאר וואס איז פאר א קורצער צייט איינגעפיהרט געווארען אין פראנקרייך אין יאהר 1793 אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואלוציאן]. ז. *republican calendar*

ventos'ity *n.* (ווענ-טאס'-אי-טי) דאס

ליידען פון ווינד אין מאגען: — פוסטער שטאלץ, אנגעבלאזענקייט.

vent'-peg *n.* (ווענט'-פעג) א שפונט, א צאפּען, א פלעקעל מיט וועלכען מען פערשטאפּט א לאך אין א פאס.

vent'-pin *n.* (ווענט'-פּין) ז. ***vent-peg***

ven'tral *a.* (ווענ'-טרעל) פון בויך, וואס געהערט צום בויך; וואס ליעגט אויף דעם בויך; אין באטאניק — וואס איז שייך צו דער פאדערזייט פון עפּעס.

ven'trally *adv.* (ווענ'-טרעל-אי) אין בויך, אויף'ן בויך, נאהענט פון בויך, אין דער ריכטונג פון בויך.

ven'tric *a.* (ווענ'-טריק) פון בויך, וואס איז שייך צום בויך.

ven'tricle *n.* (ווענ'-טריקל) אן אויסהוילונג אדער חלל אין א קערפּער=ארגאן [ווי למשל, די פּערטיעפונג אין די געהירן אדער די הארץ=קעמערלעך]; די געבעהרמוטער, דער געבורטס=ארגאן.

ven'tricose *a.* (ווענ'-טרי-קאוס) בייכיג, אויפגעשוואלען, אויפגעבלאזען.

ven'tricous *a.* (ווענ'-טרי-קאס) ז. ***ventricose***

ventric'ular *a.* (ווענ-טריק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א חלל אדער אויסגעהוילטען קערפּער=ארגאן. ז. ***ventricle***

ventric'ulous *a.* (ווענ-טריק'-יו-לאס) ז. ***ventricular***

ventrilocu'tion *n.* (ווענ-טרי-לא-קיו'-שאן) ז. ***ventriloquism***

ven'triloque *a.* (ווענ'-טרי-לאוק) ז. ***ventriloquial***

ventrilo'quial *a.* (ווענ-טרי-לאו'-קווי-על) בויך=רעדנעריש. ז. ***ventriloquism***

ventrilo'quially *adv.* (ווענ-טרי-לאו'-קווי-על-אי) אויף א בויך=רעדנערישען שטייגער. ז. ***ventriloquism***

ventril'oquise *v.* (ווענ-טריל'-א-קוואיז) ז. ***ventriloquize***

ventril'oquism *n.* (ווענ-טריל'-א-קוויזם) בויך=רעדנעריי [די קונסט צו רעדען אזוי, אז עס זאל זיך אויסדאכטען דאס די שטימע קומט ניט פון דעם רעדנער, נאר ערגעץ פון ווייטענס].

ventril'oquist *n.* (ווענ-טריל'-א-קוויסט) א בויך=רעדנער. ז. ***ventriloquism***

ventriloquis'tic *a.* (ווענ-טריל-א-קוויס'-טיק) בויך=רעדנעריש. ז. ***ventriloquism***

ventril'oquize *v.* (ווענ-טריל'-א-קוואיז) רעדען פון בויך [רעדען אזוי, אז עס זאל זיך אויסדאכטען דאס די שטימע קומט ניט פון דעם רעדנער, נאר ערגעץ פון ווייטענס].

ventril'oquous *a.* (ווענ-טריל'-א-קוואס) ז. ***ventriloquial***

ventril'oquy *n.* (ווענ-טריל'-א-קווי) ז. ***ventriloquism***

ventrodor'sally *adv.* (ווענ-טרא-דאהר'-סעל-אי) אין דער ריכטונג פון רוקען, צום רוקען; פון בויך צום רוקען.

ventrofixa'tion *n.* (ווענ-טרא-פיק-סיי'-שאן) אן אפּעראציאן וואס בעשטעהט אין צונעהען א בויך=ארגאן צו די ווענטלעך פון בויך.

ventros'ity *n.* (ווענ-טראס'-אי-טי) דיקקייט, בייכיגקייט.

ven'ture *n. and v.* (ווענ'-טשור) א ריזיקע; א וואגונג; א ספּעקולאציאן; דאס וואס ווערט איינגעשטעלט אין קאן אדער ריזיקע; סחורות וואס ווערען געשיקט אויף'ן ים; גליק, צופאל; ריזיקירען; איינשטעלען; וואגען; זיך איינשטעלען.

ven'turer *n.* (ווענ'-טשור-ער) א ריזיקאנט, א ריזיקאלישער אונטערנעהמער; איינער וואס וואגט אדער ריזיקירט; א ספּעקולאנט.

ven'turesome *a.* (ווענ'-טשור-סאם) דרייסט, וואגענד; ריזיקאליש.

ven'turesomely *adv.* (ווענ'-טשור-סאם-לי) אויף א דרייסטען אדער וואגענדען אופן.

ven'turesomeness *n.* (ווענ'-טשור-סאם-נעס) דרייסטקייט, געוואגטקייט, ריזיקאלישקייט.

ven'turine *n.* (ווענ'-טשור-אין) ז. ***avanturine***

ven'turous *a.* (ווענ'-טשור-אס) דרייסט, וואגענד; ריזיקאליש.

ven'turously *adv.* (ווענ'-טשור-אס-לי) דרייסט, אונערשראקען; מיט געוואגטקייט; ריזיקאליש.

ven'turousness *n.* (ווענ'-טשור-אס-נעס) דרייסטקייט; אונערשראקענהייט; געוואגטקייט, ריזיקאלישקייט.

ven'ue *n.* (ווענ'-יו) די נאכבארשאפט אדער בעצירק וואו א פערברעכען איז בעגאנגען געווארען און וואו דער געריכטס=פּראצעס מוז אנגעפיהרט ווערען; דער פּאראגראף אין א בעשולדיגונגס=אקט וואס בעשטימט דעם פּלאץ פון געריכטס=פּראצעס.

ven'ula *n.* (ווענ'-יו-לא) אן אדערעל.

ven'ule *n.* (ווענ'-יול) אן אדערעל; אן אדערעל אין דעם פליגעל פון אן אינזעקט.

ven'ulose *a.* (ווענ'-יו-לאוס) אין באטאניק — וואס האט אדערלעך אדער נערווען [ווי א בלאט].

Ve'nus *n.* (וויע'-נאס) ווענוס [די געטין פון שעהנהייט און ליעבע, אין דער רוימישער מיטאלאגיע]; דער פּלאנעט אדער שטערן ווענוס [דער מארגען=שטערן]; ווענוס=מושלען. ז. ***Venus's-shell***

Ve'nus's-comb *n.* (וויע'-נאס-עז-קאום) דער ווענוס=קאם [א מין פּלאנצע מיט בלעטער, וועלכע זעהען אויס ווי א קאם].

Ve'nus's fly'-trap (וויע'-נאס-עז פלאי'-טרעפּ) די ווענוס פליגען=נעץ [אזא פּלאנצע מיט בלעטער וועלכע שליסען זיך צונויף, ווען אן אינזעקט זעצט זיך אויף זיי און כאפּען איהם אריין ווי אין א נעץ].



Venus's Fly-trap

Venus's-na'velwort *n.* (וויע'-נאס-עז-ניי'-וועל-הוואירט) ז. ***navelwort***

Ve'nus's-nee'dle *n.* (וויע'-נאס-עז ניע'דל) ז. ***Venus's-comb***

Ve'nus's-pride *n.* (וויע'-נאס-עז פּראיד) די ווענוס=שטאלץ, אזא פּלאנצע מיט בלויע בליטהען.

Ve'nus's-shell *n.* (וויע'-נאס-עז-שעל) די ווענוס=מושעל [א מין מאלוסקעל ביי וועלכער די מושעל בעשטעהט פון צוויי מולטערלעך].

vera'cious *a.* (ווי-ריי'-שאס) וואהרהאפט, וואהרהייטס=ליעבענד, וואס זאגט דעם אמת; וואהר, ריכטיג.

vera'ciously *adv.* (ווי-ריי'-שאס-לי) אויף א וואהרהאפטיגען אופן; ריכטיג.

verac'ity *n.* (ווי-רעס'-אי-טי) וואהרהאפטיגקייט, אמת'דיגקייט, ריכטיגקייט; אן אמת; דער אמת, די וואהרהייט.

veran'da *n.* (ווי-רענ'-דא) א וועראנדע [א מין גאלערעע ארום א הויז].

veran'dah *n.* (ווי-רענ'-דא) ז. ***veranda***

verb *n.* (וואירב) אין גראמאטיק — א האנדלונגס=ווארט, א צייטווארט [א ווארט וואס בעצייכענט א האנדלונג, טהעטיגקייט אדער צושטאנד, ווי "געהן", "מאכען", "זיצען" א. ז. וו.].

ver'bal *a. and n.* (וואיר'-בעל) וואס בעשטעהט פון ווערטער, וואס איז שייך צו ווערטער; וואס האט בלויז צו טהאן מיט ווערטער; מינדליך, בעל פה; בוכשטעבליך, ווערטערליך; וואס איז שטארק מדקדק איבער דעם פּינקטליכען געברויך פון ווערטער, וואס שענקט אויפמערקזאמקייט בלויז צו ווערטער; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו א צייטווארט: וואס איז גענומען פון א צייטווארט; א הויפּטווארט [ז. ***noun***] וואס שטאמט פון א צייטווארט [ז. ***verb***].

verbalisa'tion *n.* (וואיר-בעל-אי-זיי'-שאן) ז. ***verbalization***

ver'balise *v.* (וואיר'-בעל-איז) ז. ***verbalize***

ver'balism *n.* (וואיר'-בעל-איזם) א מינדליכער אויסדרוק; אן אויסדרוק; א בעדייטונגסלאזער אויסדרוק.

ver'balist *n.* (וואיר'-בעל-איסט) איינער וואס איז שטארק מדקדק וועגען דעם פּינקטליכען געברויך פון ווערטער; א קריטיקער בלויז פון ווערטער.

verbal'ity *n.* (וואיר-בעל'-אי-טי) בוכשטעבליכקייט, ווערטערליכקייט, די בוכשטעבליכע בעדייטונג.

verbaliza'tion *n.* (וואיר-בעל-אי-זיי'-שאן) אין גראמאטיק — די פערוואנדלונג אין א צייטווארט. ז. ***verb***

ver'balize *v.* (וואיר'-בעל-איז) אין גראמאטיק — פערוואנדלען אין א צייטווארט [ז. ***verb***]; געברויכען פיעל ווערטער, צופיעל אנרעדען.

ver'bally *adv.* (וואיר'-בעל-אי) מינדליך; ווארט פאר ווארט, אין דיעזעלבע ווערטער; ווי א צייטווארט [ז. ***verb***].

verba'tim *adv.* (וואיר-ביי'-טים) ווערטערליך, ווארט אין ווארט, אקוראט אין דיעזעלבע ווערטער.

verbe'na *n.* (וואיר-ביע'-נא) אייזענקרויט, אייזען=גראז [אזא גראז=פּלאנצע].

ver'berate *v.* (וואיר'-בער-אייט) שלאגען.

verbera'tion *n.* (וואיר-בע-ריי'-שאן) דאס שלאגען.

ver'biage *n.* (וואיר'-בי-עדזש) דער געברויך פון אוננויטיגע ווערטער; אן איבערפלוס פון ווערטער.

ver'bify *v.* (וואיר'-בי-פאי) פערוואנדלען אין א צייטווארט; געברויכען אלס א צייטווארט. ז. ***verb***.

verbigera'tion *n.* (וואיר-בי-דזשי-ריי'-שאן) אין פאטאלאגיע — דאס ווידערהאלען אוננויטיגערווייזע און אהן א טאלק געוויסע ווערטער אדער פראזען [אלס אויסדרוק פון אן אונגארמאלען צושטאנד].

verbose' *a.* (וואיר-באוס') וואס געברויכט אדער ענטהאלט צופיעל ווערטער; לאנגווייליג [ווי א לאנגע רעדע].

verbose'ly *adv.* (וואיר-באוס'-לי) געברויכענדיג אדער ענטהאלטענדיג צופיעל ווערטער; לאנגווייליג.

verbose'ness *n.* (וואיר-באוס'-נעס) ז. ***verbosity***.

verbos'ity *n.* (וואיר-באס'-אי-טי) דאס געברויכען אדער ענטהאלטען צופיעל ווערטער.

ver'dancy *n.* (וואיר'-דען-סי) גרינקייט; פרישקייט; אונערפאהרענהייט.

ver'dant *a.* (וואיר'-דענט) גרין; פריש; בעוואקסען מיט פלאנצען אדער מיט גראז; אונערפאהרען.

verd'-antique' *n.* (וואירד'-ען-טיעק') א סערפענטין־עהנליכער מארמאר. ז. ***serpentine***.

ver'dantly *adv.* (וואיר'-דענט-לי) פריש; בליהענד; אויף א גרינעם אדער אונערפאהרענעם שטייגער.

ver'dantness *n.* (וואיר'-דענט-נעס) ז. ***verdancy***.

ver'de anti'co (ווערה'-דיי אנ-טיע'-קאו) ז. ***verd-antique***.

ver'derer *n.* (וואיר'-דער-ער) א וואלד־אויפזעהער [אין די קעניגליכע וועלדער אין ענגלאנד].

ver'deror *n.* (וואיר'-דער-אר) ז. ***verderer***.

ver'dict *n.* (וואיר'-דיקט) א ווערדיקט, א פסק־דין אדער אורטייל פון געריכטס־געשווארענע; אן ענטשיידונג, אן אורטייל.

ver'digris *n.* and *v.* (וואיר'-די-גריעס) גרינשפאן, קופער־גרין [א גרינער שטאף וואס בעקומט זיך דורך דער ווירקונג פון עסיג אדער אן אנדער זויערע אויף קופער]; גרינער ראסט אויף קופער; בעדעקען מיט גרינשפאן.

ver'digris-green *n.* (וואיר'-די-גריעס-גריען) אזא העלער בלויליך־גרינער קאליר.

ver'diter *n.* (וואיר'-די-טער) בערג־גרין [א מין פארב].

ver'diture *n.* (וואיר'-די-טשור) ז. ***verditer***.

ver'dure *n.* and *v.* (וואיר'-דזשור) גרינס; גרינקייט; פרישקייט; בעדעקען מיט גרינס.

ver'dureless *a.* (וואיר'-דזשור-לעס) אהן גרינס; אהן גראז.

ver'durer *n.* (וואיר'-דזשור-ער) ז. ***verderer***.

ver'durous *a.* (וואיר'-דזשור-אס) גרין, בעדעקט מיט גרינס.

verein' *n.* (פער-אין') א פעראיין, א געזעלשאפט.

verge *n.* and *v.* (וואירדזש) א ברעג; א ראנד; א גרענעץ; דער האריזאנט; א קרייז; אומפאנג; רוים, ארט, פלאץ; א געלעגענהייט; א שטעקען, א שטאב; אין ארכיטעקטור — דער ברעג פון די ציגעל וואס שטארצען ארויס איבער דעם גיבעל פון א דאך [ז. ***gable***]; א שפינדעל פון א זייגער; א שטח לאנד פון 15 ביז 30 אקער; דער פענים [מענליכער געשלעכטס־גליעד]; זיך ריכטען; זיך נייגען; זיך נעהנטערען; בעגרענעצען, גרענצען; אבזוימען.

verge'-board *n.* (וואירדזש'-באורד) ז. ***barge-board***.

ver'gency *n.* (וואיר'-דזשען-סי) נייגונג, ריכטונג, דערנעהענטערונג.

ver'gent *a.* (וואיר'-דזשענט) זיך דערנעהענטערענד צו דער ענדע.

ver'ger *n.* (וואיר'-דזשער) א שטאב־טרעגער [איינער וואס טראגט פאראויס דעם אמט־שטעקען פון א בישאף, דעקאן, גייסטליכען אדער אנדערען הויכען בעאמטען]; א קירכען־דיענער, א קירכען־שמש.

Vergil'ian *a.* (וואיר-דזשיל'-אי-ען) ז. ***Virgilian***.

verid'ic *a.* (ווי-ריד'-איק) ז. ***veridical***.

verid'ical *a.* (ווי-ריד'-אי-קעל) וואס זאגט דעם אמת.

verid'icous *a.* (ווי-ריד'-אי-קאס) ז. ***veridical***.

verifiabil'ity *n.* (ווער-אי-פאי-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען בעשטעטיגט אדער בעוויזען ווערען.

ver'ifiable *a.* (ווער'-אי-פאי-עבל) וואס קען בעשטעטיגט אדער בעוויזען ווערען.

verifica'tion *n.* (ווער-אי-פי-קיי'-שאן) בעשטעטיגונג, בעגלויביגונג.

ver'ificative *a.* (ווער'-אי-פי-קיי-טיוו) בעשטעטיגענד, בעגלויביגענד.

verif'icatory *a.* (ווי-ריפ'-אי-קיי-טא-רי) ז. ***verificative***.

ver'ifier *n.* (ווער'-אי-פאי-ער) א בעגלויביגער, א בעשטעטיגער.

ver'ify *v.* (ווער'-אי-פאי) בעגלויביגען, בעשטעטיגען, ערקלערען פאר ריכטיג, בעשטעטיגען די ריכטיגקייט; ערפילען.

ver'ily *adv.* (ווער'-אי-לי) וואהרהאפטיג, ריכטיג; געוויס, בעשטימט, אהן שום ספק, זיכער; ווירקליך; גאנץ ערנסט און אויפריכטיג.

verisim'ilar *a.* (ווער-אי-סימ'-אי-לאר) וואהרשיינליך.

verisim'ilarly *adv.* (ווער-אי-סימ'-אי-לאר-לי) וואהרשיינליך.

verisimil'itude *n.* (ווער-אי-סי-מיל'-אי-טיוד) וואהרשיינליכקייט.

verisimil'ity *n.* (ווער-אי-סי-מיל'-אי-טי) ז. ***verisimilitude***.

verisim'ilous *a.* (ווער-אי-סימ'-אי-לאס) ז. ***verisimilar***.

ver'itable *a.* (ווער'-אי-טעבל) וואהרהאפטיג, וואהר, ריכטיג, עכט, ווירקליך.
He is a veritable nuisance.

ver'itably *adv.* (ווער'-אי-טע-בלי) ווירקליך, באמת, ריכטיג.

ver'ity *n.* (ווער'-אי-טי) וואהרהייט, ריכטיגקייט, וואהרהאפטיגקייט.

ver'juice *n.* (וואיר'-דזשוהס) זויערע זאפט פון אונצייטיגע פרוכטען; שארפקייט, בייסיגקייט, שניידיגקייט [אין שפראך, מאניערען אדער טעמפעראמענט].

ver'meil *n.* (וואיר'-מיל) בעגילטעס זילבער אדער בראנז; א דורכזיכטיגער וואסער־לאקיר; אן אראנזש־רויטער גראנאט [אזא עדעלשטיין]; שארלאך־קאליר, שארלאך־פארב [ז. ***vermilion***].

vermeol'ogist *n.* (וואיר-מי-אל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום וועגן ווערים.

vermeol'ogy *n.* (וואיר-מי-אל'-א-דזשי) דער טייל זאאלאגיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום וועגן ווערים.

Ver'mes *n.* (וואיר'-מיעז) דער מין ווערים און ווערים־עהנליכע בעשעפענישען.

vermicel'li *n.* (ווער-מי-טשעל'-לי) אזא זארט איטאליעניש דינע לאקשען.

vermic'ular *a.* (וואיר-מיק'-יו-לאר) ווארים־עהנליך [אין פארם אדער בעוועגונגען]; ווארים־פערמיג; וואס זעהט אויס ווי צוגעסען פון ווערים; וואס איז בעצייכענט מיט וועלענארטיגע ליניעס.

vermic'ulate *v.* and *a.* (וואיר-מיק'-יו-לייט) פערצירען מיט וועלען־ארטיגע ליניעס; ווערען צוגעסען פון ווערים; ווערען פול מיט ווערים; ווארים־עהנליך [אין פארם אדער בעוועגונגען]; צוגעסען פון ווערים.

vermicula'tion *n.* (וואיר-מיק-יו-ליי'-שאן) א ווארים־ארטיגע בעוועגונג; פערצירונג אין דער פארם פון וועלען־ארטיגע ליניעס; א ווארים־שפור; ווערימדיגקייט; דאס זיין צוגעסען פון ווערים.

ver'micule *n.* (וואיר'-מי-קיול) א ווערימעל.

vermic'ulose *a.* (וואיר-מיק'-יו-לאוס) צוגעסען פון ווערים, פול מיט ווערים; ווערימדיג; ווארים־ארטיג, ווארים־פערמיג.

vermic'ulous *a.* (וואיר-מיק'-יו-לאס) ז. ***vermiculose***.

ver'miform *a.* (וואיר'-מי-פארם) ווארים־פערמיג.

ver'miform appen'dix (וואיר'-מי-פארם ע-פענ'-דיקס) א צוואוואוקס אדער ארויסשטארצונג ביים עק פון דער בלינדער קישקע.

ver'mifuge *n.* (וואיר'-מי-פיודזש) א ווערים־מיטעל [א מיטעל צו פערניכטען אדער ארויסטרייבען ווערים פון די געדערים].

vermil'ion *n.*, *a.* and *v.* (ווער-מיל'-יאן) ציגאבער־רויט [א בריליאנט־רויטע פארב וואס ווערט ענטוועדער געמאכט דורך צומאלען דעם מינעראל ציגאבער, אדער עס ווערט קינסטליך פאבריצירט]; שארלאך־קאליר [א בריליאנט־רויטער קאליר]; פון ציגאבער־רויטען קאליר; שארלאך־רויט; פארבען אין ציגאבער־רויטען אדער שארלאך־רויטען קאליר. ז. איך. ***"Colors"***.

vermil'lion *n.* (ווער-מיל'-יאן) ז. ***vermilion***.

ver'min *n.* (וואיר'-מין) אונגעציפער, א פאסקודנע בעשעפעניש [ווי לייז, פליי, וואנצען, ווערים, מייז, ראצען א. ז. וו.]; א פאראזיטישער אינזעקט; א פאסקודניאק; א געזינדעל.

ver'minate *v.* (וואיר'-מי-נייט) ארויסברענגען אדער אנפלאדיען אונגעציפער [ווי לייז, ווערים א. ז. וו.].

vermina'tion *n.* (וואיר-מי-ניי'-שאן) די ארויסברענגונג פון אונגעציפער [מיאוס'ע אדער פאראזיטישע בעשעפענישען, ווי לייז, ווערים א. ז. וו.].

ver'minous *a.* (וואיר'-מי-נאס) וואס פלאדיעט ווערים; וואס פלאדיעט אונגעציפער [ווי לייז, ווערים א. ז. וו.]; ווערימדיג.

ver'minous fe'ver (וואיר'-מי-נאס פיע'-ווער) פיבער פעראורזאכט פון ווערים אין בויך.

ver'minously *adv.* (וואיר'-מי-נאס-לי) ארויסברענגענדיג ווערים; ארויסברענגענדיג אונגעציפער [פאסקודנע אדער פא־

ראזיטישע בעשעפענישען, ווי ווערים, לייז א. ז. וו.].

vermip'arous *a.* (וואיר־מיפ׳־ע־ראס) וואס בריינגט ארויס אדער פלאדיעט ווע־רים.

vermiv'orous *a.* (וואיר־מיוו׳־א־ראס) ווערים־פרעסענד, וואס ערנעהרט זיך מיט ווערים.

ver'mouth *n.* (וואיר׳־מוהטה) ז. *vermuth*.

ver'muth *n.* (וואיר׳־מוהטה) אזא וויי־סער וויין צוגעריכט מיט ווערים־קרויט און פערשיעדענע געווירצען.

vernac'ular *a.* and *n.* (וואיר־נעק׳־יו־לאר) היימיש, פאטערלענדיש; ארטיג, לאקאל, כאראקטעריסטיש פאר א בעשטימ־טער געגענד; א מוטער־שפראך; א לאקא־לער שפראך־אויסדרוק.

vernac'ular disease' (וואיר־נעק׳־יו־לאר די־זיעז׳) א קראנקהייט וואס בוי־שעוועט הויפטזעכליך אין א געוויסער גע־גענד.

vernac'ularism *n.* (וואיר־נעק׳־יו־לאר־איזם) א לאקאלער אויסדרוק אדער רעדענס־ארט; דאס געברויך פון דער היי־מישער אדער לאקאלער שפראך.

vernacular'ity *n.* (וואיר־נעק־יו־לער׳־אי־טי) אן אידיאם, אן אייגענטימליכער שפראך־אויסדרוק.

vernaculariza'tion *n.* (וואיר־נעק־יו־לאר־אי־זיי׳־שאן) איינשליסונג אין דער מוטער־שפראך [פון ווערטער און אויסדריקע].

vernac'ularize *v.* (וואיר־נעק׳־יו־לאר־איז) ארייננעהמען אין דער מוטער־שפראך [ווערטער און אויסדריקע].

vernac'ularly *adv.* (וואיר־נעק׳־יו־לאר־לי) אין דער מוטער־שפראך, אין דער היימישער שפראך.

ver'nal *a.* (וואיר׳־נעל) וואס איז שייך צום פריהלינג; וואס קומט פאר אדער וואקסט אין פריהלינג; יוגענדליך.

ver'nal e'quinox (וואיר׳־נעל אי׳־קהווי־נאקס) די צייט אין פריהלינג, ווען די נאכט איז גלייך מיט'ן טאג [די צייט ווען די זון קרייצט דעם עקוואטאר, גע־הענדיג צו צפון, אונגעפעהר דעם 22טען מערץ].

ver'nal grass (וואיר׳־נעל גרעס) פריה־לינגס־גראז, שמעק־גראז [אזא שמעקעדיג גראז געברויכט אלס פוטער פאר בהמות].

ver'nally *adv.* (וואיר׳־נעל־אי) אויף א פריהלינגס־שטייגער; אויף א יוגענדליכען שטייגער.

ver'nant *a.* (וואיר׳־נענט) בליהענד [ווי אין פריהלינג].

ver'nate *v.* (וואיר׳־נייט) בליהען.

verna'tion *n.* (וואיר־ניי׳־שאן) די קנאספען־לאגע, די לאגע און די אויסביל־דונג פון וואקסענדע בלעטלעך אין דער קנאספע.

ver'nicle *n.* (וואיר׳־ניקל) א טיכעל מיט קריסטוס'עס בילד אויף דעם

ver'nier *n.* (וואיר׳־ני־ער) א ווערניער, א נאניוס, א סעקונדען־טיילער [אזא מא־טעמאטישער טייל־אינסטרומענט].

ver'nile *a.* (וואיר׳־ניל) שקלאפיש, קנעכטיש.

vernil'ity *n.* (וואיר־ניל׳־אי־טי) שקלא־פישקייט, קנעכטישקייט.

veron'ica *n.* (ווי־ראנ׳־אי־קא) ז. *vernicle*.

Veron'ica *n.* (ווי־ראנ׳־אי־קא) ווערא־ניקא אדער עהרענפרייז [א מין נידריגע גראזען אדער בושעס פון ווייט־פערשפריי־טע צאהלרייכע מינים].

Veronica

ver'ricule *n.* (ווער׳־אי־קיול) א ביג־טעל פון גלייך־שטעהענדע הערעלעך [ביי אינזעקטען].

verru'ca *n.* (ווע־רוה׳־קא) א בארא־דאוועק; אן אנוואוקס, א גוזיק [אויף פלאנצען].

verru'ciform *a.* (ווע־רוה׳־סי־פארם) עהנליך צו א בארא־דאוועק.

ver'rucose *a.* (ווער׳־או־קאוס) ז. *verrucous*.

ver'rucous *a.* (ווער׳־או־קאס) בעדעקט מיט בארא־דאוועקעס; בעדעקט מיט פריש־טשיקעס אדער גוזיקעס.

verru'culose *a.* (ווע־רוה׳־קיו־לאוס) בעדעקט מיט קליינינקע בארא־דאוועקעס; בעדעקט מיט פרישטשיקלעך.

versabil'ity *n.* (וואיר־סע־ביל׳־אי־טי) דרעהבארקייט, דאס קענען זיך דרעהען.

ver'sable *a.* (וואיר׳־סעבל) דרעהבאר, וואס קען זיך דרעהען.

ver'sableness *n.* (וואיר׳־סעבל־נעס) ז. *versability*.

ver'sant *a.* and *n.* (וואיר׳־סענט) גע־ניט, בעהאווענט, בקי; דער טייל פון א לאנד־געגענד וואס איז גענייגט אין איין ריכטונג; משופע'דיגקייט פון אן אויבער־פלעכע; די אנזיכט פון א לאנד־געגענד.

ver'satile *a.* (וואיר׳־סע־טיל) דרעה־באר, קעהרבאר; בעוועגליך; פערענדער־ליך; פיעלזייטיג, פעהיג צו פערשיעדענע זאכען.

ver'satilely *adv.* (וואיר׳־סע־טיל־לי) זיך דרעהענדיג; בעוועגליך; אויף א פער־ענדערליכען שטייגער; פיעלזייטיג, מיט פיעלזייטיגער געשיקטקייט אדער פעהיג־קייט.

ver'satileness *n.* (וואיר׳־סע־טיל־נעס) ז. *versatility*.

versatil'ity *n.* (וואיר־סע־טיל׳־אי־טי) בעוועגליכקייט, פערענדערליכקייט; פיעל־זייטיגקייט, געשיקטקייט אין פיעלע זא־כען.

versa'tion *n.* (וואיר־סיי׳־שאן) א דרע־הונג, א ווינדונג.

verse *n.* and *v.* (וואירס) א פערז, א שורה פון א געדיכט, א סטראפע אדער סטאנזא [ז. *strophe*]; א געדיכט, א פאעמא; א פאעטישע פארם; א שורה; א פסוק; א פסוק געזאגט פון דעם קיר־כען־פארבעטער; א פסוק געזונגען פון איי־נעם [אין א קירך]; איבערגעבען אדער אויסדריקען אין פערזען אדער אין גרא־מען.

verse'-col'ored *a.* (וואירס׳־קאל׳־ארד) ז. *versicolor*.

versed *a.* (וואירסט) ערפאהרען, געניט, בקי, בעהאווענט; אומגעדרעהט, אויסגע־דרעהט.

verse'-ma'ker *n.* (וואירס׳־מיי׳־קער) א גראמען־שרייבער; א דיכטער, א פאעט.

verse'-ma'king *n.* (וואירס׳־מיי׳־קינג) דאס שרייבען גראמען; ליעדער־פערפא־סונג, דיכטונג.


vin ordinaire' (וועז אהר-די-נעהר') פראסטער, ביליגער פראנצויזישער ווייין.

vi'no san'to (ווי'-נאו סענ'-טאו) אזא זיסער ווייין פון צפון־איטאליען.

vinos'ity *n.* (וואי-נאס'-אי-טי) ווייניג־קייט, דאס זיין ווייניג.

vi'nous *a.* (וואי'-נאס) ווייניג, ווייינארטיג, וואס האט די אייגענשאפטען פון ווייין; וואס איז שייך צו דער פראדוקציאן פון ווייין; פון א ווייין־קאליר.

vint *v.* (ווינט) מאכען אדער צוריכטען ווייין.

vin'tage *n.* (ווינ'-טעדזש) דאס אראב־נעהמען די צייטיגע ווייינטרויבען; די צייט פון אראבנעהמען ווייינטרויבען; דער יעהרליכער פראדוקט פון די אראבגענו־מענע ווייינטרויבען אדער פון דעם געמאכ־טען ווייין.

vin'tager *n.* (ווינ'-טעדזש-ער) איינער וואס נעהמט אראב צייטיגע ווייינטרויבען; א ווייינטרויבען־קלייבער.

vin'tiner *n.* (ווינ'-טי-נער) א קאמאנדיר איבער צוואנציג פערזאן.

vint'ner *n.* (ווינט'-נער) א ווייין־שענקער; א ווייין־הענדלער.

vint'nery *n.* (ווינט'-נער-אי) ווייין־האנ־דעל; ווייין־שענקעריי.

vint'ry *n.* (ווינט'-רי) א ווייין־קעלער, אן ארט וואו מען האלט ווייין צום פער־קויפען.

vi'num *n.* (וואי'-נאם) א מעדי־ווייין; א מעדיצין פאנאנדערגעלאזען אין ווייין.

vi'ny *a.* (וואי'-ני) וואס איז שייך צו ווייינשטאקען; פול מיט ווייינשטאקען.

vi'ol *n.* (וואי'-אל) די וויאל־פיעדעל [אזא גרויסע פארצייטיגע פיעדעל, פון וועלכער עס האבען זיך ענטוויקעלט די מאדערנע שטרייך־אינסטרומענטען].

vio'la *n.* (ווי-או'-לא) די וויאלא, די אלט־פיעדעל [א מין גרויסע פיעדעל]; די וויאל־פיעדעל [ז. *viol*].

Vi'ola *n.* (וואי'-א-לא) דער מין וויאלעט־פלאנצע, די פיילכען, פיאלקעס.

vi'olable *a.* (וואי'-א-לעבל) פערלעצליך, וואס קען פערלעצט ווערען, וואס קען בע־שעדיגט ווערען; וואס קען געבראכען אדער איבערגעטראטען ווערען.

vi'olably *adv.* (וואי'-א-לע-בלי) אויף א פערלעצליכען אדער פערלעצבארען שטיי־גער.

viola'ceous *a.* (וואי-א-ליי'-שיאס) פון א וויאלעט־קאליר; אין באטאניק — וואס איז שייך צו די וויאלעט־בלומען אדער פיילכען.

vio'la da gam'ba (ווי-או'-לא דא גאמ'-בא) א באס־פיעדעל [אזא אלטפרענקישע גרויסע פיעדעל, פון וועלכער עס האט זיך ענטוויקעלט די מאדערנע וויאלאנטשעלא].

vi'olate *v.* (וואי'-א-לייט) 1. פערלעצען, ברעכען, איבערטרעטען, עובר זיין; 2. מחלל זיין, פערשוועכען; 3. שענדען, פערגוואל־דיגען.

1. The careless as well as the criminals often violate the law. 2. He violated the trust imposed upon him. 3. The lad violated the child.

viola'tion *n.* (וואי-א-ליי'-שאן) פער־לעצונג, בעשעדיגונג; איבערטרעטונג; דאס עובר זיין; פערשוועכונג; פערגוואלדיגונג.

vi'olative *a.* (וואי'-א-ליי-טיוו) פער־לעצענד; ברעכענד [א שבועה]; איבער־טרעטענד.

vi'olator *n.* (וואי'-א-ליי-טאר) א פערלע־צער; אן איבערטרעטער; א מחלל, א

פּערשוועכער; אַ שענדער, אַ פערגוואַלדיגער.

vi'olator of repose' (וואַי'-אָ-ליי-טאָר אָוו רי-פּאָוז') אַ רוה־שטערער.

vi'olence *n.* (וואַי'-אָ-לענס) גוואַלד; העפטיגקייט, האַסטיגקייט; גוואַלטיגקייט; אַ גוואַלדטהאַט, גוואַלדטהעטיגקייט; פּערגוואַלטיגונג, שענדונג.

vi'olency *n.* (וואַי'-אָ-לען-סי) ז. *violence*.

vi'olent *a.* (וואַי'-אָ-לענט) פייערִאַש, פייעריג, האַסטיג, וויטהענד, העפטיג; גוואַלדיג, געוואַלטזאַם, שוידערליך, גרויזאַם; ליידענשאַפטליך, היציג; שטאַרק, קרעפטיג; שאַרף [וועגען אַ וועהטאָג]; געצוואונגען, געטריבען דורך קראַפט.

vi'olent death (וואַי'-אָ-לענט דעטה) אַן אוננאַטירליכער טויט.

vi'olently *adv.* (וואַי'-אָ-לענט-לי) מיט העפטיגקייט, מיט שטאַרקייט; אויף אַ געוואַלטזאַמען אופן; צווינגענדיג.

violes'cent *a.* (וואַי-אָ-לעס'-ענט) פון עטוואַס וויאָלעט־קאָליר; בעקומענדיג אַ וויאָלעט־קאָליר.

vi'olet *n. and a.* (וואַי'-אָ-לעט) אַ וויאָלעט, אַ פייל־כען, אַ פיאַלקע [אַ מין גראָז מיט זעהר שעהנע שמעקענדע בלומען. ז. איל.]; דער וויאָלעט־קאָליר [ז. איל. "*Colors*"]; איינע פון די מינים בלויע זומער־פויגעלעך; פון אַ וויאָלעט־קאָליר.



Violet

vi'olet-blind'ness *n.* (וואַי'-אָ-לעט-בלאַינד'-נעס) אונפעהיגקייט צו אונטערשיידען וויאָלעט־קאָליר.

violin' *n.* (וואַי-אָ-לין') 1. אַ וויאָלין, אַ פיעדעל; 2. אַ פיעדעל־שפּיעלער, אַ פיעדלער.

2. He is the first **violin** of the orchestra.

violin'-bow *n.* (וואַי-אָ-לינ'-באָו) אַ בויגען אָדער סמיטשיק, מיט וועלכען מען שפּיעלט אויף אַ פיעדעל.

violin'ist *n.* (וואַי-אָ-לינ'-איסט) אַ פיעדלער, אַ פיעדעל־שפּיעלער.

violi'no *n.* (ווי-אָ-לי'-נאָו) ז. *violin*.

vi'olist *n.* (וואַי'-אָל-איסט) אַ שפּיעלער אויף אַ וויאָל אָדער אַלט־פיעדעל.

violoncel'list *n.* (וויע-אָ-לאָן-טשעל'-איסט) אַ וויאָלאָנטשעליסט, איינער וואָס שפּיעלט אויף אַ וויאָלאָנטשעלאָ. ז. *violoncello*.

violoncel'lo *n.* (וויע-אָ-לאָן-טשעל'-אָו) אַ וויאָלאָנטשעלאָ [אַזאַ גרויסע פיעדעל, וועלכע מען האַלט אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד צווישען די קניע].

violo'ne *n.* (ווי-אָ-לאָו'-נע) דאָס וויאָלאָן [זעהר אַ גרויסע מיטעלאַלטערליכע באַס־פיעדעל].

vi'per *n.* (וואַי'-פּער) אַ וויפּער, אַ שלאַנג, אַ פּיפּערנאַטער; אַ גיפטיגער מענש.

vi'peress *n.* (וואַי'-פּער-עס) אַ פרוי אַ שלאַנג; אַ גיפטיגע, שלעכטע פרוי.

vi'periform *a.* (וואַי'-פּע-רי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון אַ וויפּער אָדער שלאַנג.

vi'perine *a. and n.* (וואַי'-פּע-רין) וואָס איז שייך צו אַ וויפּער אָדער פּיפּערנאַטער; אַ שלאַנג, אַ וויפּער, אַ פּיפּערנאַטער.

vi'perish *a.* (וואַי'-פּער-איש) ווי אַ שלאַנג; גיפטיג.

vi'perling *n.* (וואַי'-פּער-לינג) אַ יונגער פּיפּערנאַטער אָדער שלאַנג.

vi'perous *a.* (וואַי'-פּער-אָס) וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַ שלאַנג; גיפטיג.

vi'perously *adv.* (וואַי'-פּער-אָס-לי) ווי אַ שלאַנג; אויף אַ גיפטיגען שטייגער.

vi'per's-bu'gloss *n.* (וואַי'-פּערז-ביו'-גלאָס) אין באָטאַניק — דער פּיפּערנאַטער־קאָפּ [אַ מין גראָזען מיט בלויע בליהונגען אין די געגענדען אַרום מיטעללענדישען ים].

vi'per's-grass *n.* (וואַי'-פּערז-גרעס) די שוואַרץ־וואָרצעל [אַ מין פלאַנצע].

viragin'ian *a.* (וויר-ע-דזשינ'-אי-ען) ווי אַ כוואַסטקע פרוי; קריעגעריש, צאַנקעריש.

vira'go *n.* (וואַי-ריי'-גאָו) אַ העלדיכע, אַ כוואַסטקע פרוי, אַ ביטערע נקבה; אַ פרוי מיט אַ שטאַרקען מוטה ווי אַ מאַנסביל; אַ סעדעכע, אַ קריעגערישע, צאַנקערישע פרוי.

vir'elay *n.* (וויר'-ע-ליי) דאָס אַלט־פראַנצויזישע רינג־ליעד [אַ געדיכט פון בלויז צוויי גראַמען, וועלכע ווידערהאָלען זיך כסדר].

vi'rent *a.* (וואַי'-רענט) גריון, גרינענד, פריש.

vir'eo *n.* (וויר'-אי-אָו) אַזאַ קליין אַמעריקאַנער זינג־פויגעלע פון אַ געלבליך־גריינעם קאָליר.

vires'cence *n.* (וואַי-רעס'-ענס) גרינקייט; אין באָטאַניק — אַן אוננאָרמאַלער צושטאַנד פון אַ פלאַנצע, ווען איהר קאָליר פערבלייבט גרין אין דער צייט ווען ער האָט זיך געדאַרפט בייטען.

vires'cent *a.* (וואַי-רעס'-ענט) עטוואַס גרין, גרינליך; וואָס ווערט גרין.

vir'ga *n.* (וואָיר'-גאַ) ז. *penis*.

vir'gal *a.* (וואָיר'-געל) געמאַכט פון צווייגלעך אָדער ריטלעך.

vir'gate *a. and n.* (וואָיר'-גייט) וואָס האָט די פאָרם פון אַ רוט; אַזאַ קוואַדראַט־מאָס צו מעסטען לאַנד.

vir'gated *a.* (וואָיר'-גיי-טעד) רוט־פערמיג.

Virgil'ian *a.* (וואָיר-דזשיל'-אי-ען) ווירגיליש, וואָס איז שייך צום אַלט־רוימישען פּאָעט ווירגיליוס אָדער צו זיין סטיל.

vir'gin *n., a. and v.* (וואָיר'-דזשין) אַ יונגפרוי, אַ מיידעל, אַ בתולה; אַ מאַן וואָס האָט ניט געהאַט קיין געשלעכטליכען פערקעהר מיט פרויען; אין דער פאַרצייטיגער קריסטליכער קירך — איינע פון אַן אָרדען פרויען, וועלכע פלעגען אויף זיך נעהמען אַ נדר פון נזירות אויף'ן גאַנצען לעבען; אַן אינזעקט וואָס פערמעהרט זיך אָהן געשלעכטליכער צוזאַמענפּאָרונג; אַ נקבה פון אירגענד וועלכער חיה, וועלכע האָט נאָך קיין קינדער ניט געהאַט; מיידעלש, וואָס איז שייך צו אַ בתולה; צניעות'דיג, אונשולדיג, ריין; ניט פערפלעקט; ניט בעריהרט, ניט בענוצט, פריש, ניי; אין זאָאָלאָגיע — וואָס פערמעהרט זיך אָהן געשלעכטליכער צוזאַמענפּאָרונג [ווי געוויסע אינזעקטען]; בלייבען אַ בתולה; שפּיעלען די ראָלע פון אַ בתולה; אַרויסשטעלען זיך אַלס אַן אונשולדיג מיידעל.

Vir'gin *n.* (וואָיר'-דזשין) אין אַסטראָנאָמיע — דער מזל בתולה; אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע — די הייליגע מאַריע, יעזוס'עס מוטער.

vir'ginal *a., n. and v.* (וואָיר'-דזשינ-על) מיידעלש, ווי אַ בתולה, ווי אַ יונגפרוי; אין זאָאָלאָגיע — וואָס פערמעהרט זיך אָהן געשלעכטליכער צוזאַמענפּאָרונג [ווי געוויסע אינזעקטען]; אַ שפּינעט אָדער קלאַוויר־צימבעל [אַזאַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט עהנליך צו אַן אַלטמאָדישען קלאַוויר]; שפּיעלען אויף אַ קלאַוויר־צימבעל, קלאַפּען מיט די פינגער.

Virgina'le *n.* (וואָיר-דזשי-ניי'-לי) אַ זאַמלונג פון קריסטליכע תפלות און הימנען פאַר דער הייליגער מאַריע.

vir'ginally *adv.* (וואָיר'-דזשינ-על-אי) מעשה בתולה, אויף אַ מיידעלשען שטייגער.

vir'gin-born *a.* (וואָיר'-דזשינ-באָהרן) געבאָרען פון אַ בתולה [וועגען יעזוס קריסטוס]; אין זאָאָלאָגיע — וואָס ווערט געבאָרען ניט אַלס רעזולטאַט פון געשלעכטליכער צוזאַמענפּאָרונג [ווי געוויסע אינזעקטען].

vir'gin for'est (וואָיר'-דזשין פאָר'-עסט) אַן אור־וואַלד [וואו מען האָט קיינמאָל קיין ביימער ניט געהאַקט].

vir'ginhood *n.* (וואָיר'-דזשינ-הוד) מיידעלשאַפט, בתולה'שאַפט.

Virgin'ia *n.* (וואָיר-דזשינ'-אי-אַ) ווירדזשיניאַ [אַ שטאַאַט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ]; ווירדזשיניאַ־טאַבאַק [אַ זאָרט טאַבאַק וואָס ווערט פּראָדוצירט מייסטענס אין שטאַאַט ווירדזשיניאַ].

Virgin'ia cree'per (וואָיר-דזשינ'-אי-אַ קריע'-פּער) דער יונגפערן־וויין [אַן אַמעריקאַנער קלעטערענדע פלאַנצע].

virgin'ity *n.* (וואָיר-דזשינ'-אי-טי) יונגפרוישאַפט, מיידעלשאַפט, בתולה'שאַפט, דאָס אונפערהייראַטע לעבען.

vir'gin-knot *n.* (וואָיר'-דזשינ-נאָט) מיידעלשאַפט, בתולה'שאַפט, מיידעלשע אונשולד.

vir'ginly *adv. and a.* (וואָיר'-דזשינ-לי) אויף אַ מיידעלשער אַרט; מעשה בתולה; ריין, אונבעפלעקט, אונשולדיג.

vir'gin's-bow'er *n.* (וואָיר'-דזשינז-באָו'-ער) די וואַלדרעבע [אַזאַ גראָזאַרטיגע קלעטערענדע פלאַנצע מיט ווייסע בליהונגען].

Virgin's-bower

vir'gin soil (וואָיר'-דזשין סאָיל) לאַנד וואָס איז קיינמאָל ניט בעאַרבייט געוואָרען.

Vir'gin-wor'ship *n.* (וואָיר'-דזשינ-הוואָיר'-שיפּ) אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע — פערגעטערונג פון דער הייליגער מאַריע [יעזוס'עס מוטער].

Vir'go *n.* (וואָיר'-גאָו) אין אַסטראָנאָמיע — דער מזל בתולה [אַזאַ קאָנסטעלאַציאָן אָדער שטערען־צוזאַמענזעצונג].

vir'gulate *a.* (וואיר'-גיו-לייט) רוטפערמיג, וואס האט די פארם פון א רוט.

vir'gule *n.* (וואיר'-גיול) א קאמא, א ביישטריכעלע [,] אין שריפט; א קליין צווייגעל, א ריטעלע.

virgul'tum *n.* (וואיר-גאל'-טאם) א קליין צווייגעל, א ריטעל.

vir'id *a.* (וויר'-איד) גרין, גרינענד.

virides'cence *n.* (וויר-אי-דעס'-ענס) דאס זיין גרינליך; גרינליכקייט.

virides'cent *a.* (וויר-אי-דעס'-ענט) עטוואס גרין; גרינליך.

virid'ity *n.* (ווי-ריד'-אי-טי) גרינקייט.

vir'idness *n.* (וויר'-איד-נעס) ז. ***viridity***

vir'ile *a.* (וויר'-איל) מענליך, וואס איז שייך צום מין זכר; מאנהאפט, שטארק, קרעפטיג.

vi'rile mem'ber (וויר'-איל מעמ'-בער) דער פענים [דער מענליכער געשלעכטסגליעד].

viril'ia *n.* (וואי-ריל'-אי-א) די מענליכע געשלעכטס-ארגאנען.

viril'ity *n.* (ווי-ריל'-אי-טי) די מענליכקייט; די מאנהייט; מענער-קראפט; שטארקייט, קרעפטיגקייט.

virole' *n.* (ווי-ראול') ז. ***ferrule***

vi'rose *a.* (וואי'-ראוס) גיפטיג; אין באטאניק — וואס לאזט ארויס א גיפטיגען גערוך [וועגען פלאנצען].

vi'rous *a.* (וואי'-ראס) גיפטיג.

virtu' *n.* (וויר-טוה') די ליעבע צו די שעהנע קינסטע; קונסט-ארבייט; זעלטענע אדער אלטע קונסט-ארבייט.

vir'tual *a.* (וואיר'-טשו-על) ווירטועל [מיט א מעגליכקייט צו ווירקען אדער צו ווערען]; פאטענציעל [ז. ***potential***]; ווירקליך.

virtual'ity *n.* (וואיר-טשו-על'-אי-טי) ווירטואליטעט, דאס זיין ווירטועל אדער פאטענציעל; ווירקליכקייט. ז. ***virtual***

vir'tually *adv.* (וואיר'-טשו-על-אי) ווירטועל; אין דער ווירקליכקייט. ז. ***virtual***

vir'tue *n.* (וואיר'-טשו) טוגענד, גוטע מדות; צניעות, אונשולדיגקייט [הויפטזעכליך פון פרויען]; א גוטע איינגענשאפט, א מעלה; קראפט, ווירקונגס-קראפט, ווירקזאמקייט.

vir'tueless *a.* (וואיר'-טשו-לעס) אונקרעפטיג, אונווירקזאם; ווערטהלאז.

virtuo'sa *n.* (וויר-טו-או'-סא) א ווירטואזין, א פרוי א ווירטואז. ז. ***virtuoso***

virtuo'si *n.* (וויר-טו-או'-סי) ווירטואזען. ז. ***virtuoso***

virtuos'ity *n.* (וויר-טו-אס'-אי-טי) קונסט-ליעבהאבערס, קונסט-קענערס; ווירטואזיטעט, קונסט-פאלקאמענהייט, העכסטע פאלקאמענהייט אין דער טעכניק פון א קונסט.

virtuo'so *n.* (וויר-טו-או'-סאו) א קונסט-קענער, א קונסט-ליעבהאבער; א זאמלער פון קונסטווערק אדער אנטיק-זאכען; א ווירטואז, א גרויסער קינסטלער [איינער וואס בעזיצט פאלקאמען די טעכניק פון א קונסט, הויפטזעכליך פון מוזיק].

virtuo'soship *n.* (וויר-טו-או'-סאו-שיפ) ווירטואזיטעט, קונסט-פאלקאמענהייט, העכסטע פאלקאמענהייט אין דער טעכניק פון א קונסט; ליעבע צו קונסט; קונסט-געשמאק.

vir'tuous *a.* (וואיר'-טשו-אס) טוגענדהאפט; רעכטפערטיג, גערעכטיג; צניעותריג, אונשולדיג, ריין [הויפטזעכליך וועגען פרויען].

vir'tuously *adv.* (וואיר'-טשו-אס-לי) אויף א טוגענדהאפטען שטייגער; אויף אן עהרענווירדיגער ארט; מיט צניעות, אויף א ריינעם אדער אונשולדיגען אופן.

vir'tuousness *n.* (וואיר'-טשו-אס-נעס) טוגענדהאפטיגקייט; ריינקייט, צניעות, אונשולדיגקייט.

vir'ulence *n.* (וויר'-או-לענס) גיפטיגקייט; ביטערקייט; בייזקייט, שלעכטקייט; א ביטערער האס.

vir'ulency *n.* (וויר'-או-לענ-סי) ז. ***virulence***

vir'ulent *a.* (וויר'-או-לענט) גיפטיג; אנשטעקענד; שעדליך, געפעהרליך; בייז, שלעכט, ביטער.

vir'ulently *adv.* (וויר'-או-לענט-לי) גיפטיג; בייז, שלעכט, ביטער.

vi'rus *n.* (וואי'-ראס) קראנקהייטס-גיפט, אנשטעקונגס-שטאף [דער שטאף דורך וועלכען מען שטעקט זיך אן פון א קראנקען]; ביטערקייט, בייזקייט, שלעכטקייט.

vis *n.* (וויס) קראפט.

vis'age *n.* (וויז'-עדזש) דאס געזיכט; דער אנבליק, דאס אויסזעהן, דער געזיכטס-אויסדרוק.

vis'aged *a.* (וויז'-עדזשד) מיט א געזיכט, מיט אן אויסזעהן.
The explorer found a brown **visaged** race.

vis'-à-vis' *adv., a. and n.* (וויז-א-וויע') וויז-א-ווי, געגענאיבער, פנים אל פנים; עטוואס וואס איז אדער שטעהט געגענאיבער; איינער וואס שטעהט מיט'ן געזיכט צו אן אנדערען; אזא לייכטע קארעטע פאר צוויי אדער פיער פערזאנען צו זיצען איינע געגען די אנדערע; א זאפא, וועלכע איז געמאכט אזוי, אז די פערזאנען זיצען אויף איהר איינע געגען די אנדערע.

viscach'a *n.* (וויס-קעטש'-א) א וויסקאכא [אזא אמעריקאניש גריזשענד חיה'לע].

viscache'ra *n.* (וויס-קע-טשיי'-רא) א רייה נעסטען פון וויסקאכאס. ז. ***viscacha***

vis'cera *n.* (וויס'-ע-רא) איינגעווייד, געדערים [ז. ***viscus***]; די ארגאנען וואס געפינען זיך אין א גרויסען חלל פון קערפער [ווי למשל, דער מארך, דאס הארץ אדער דער לעבער]. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

vis'ceral *a.* (וויס'-ע-רעל) וואס געהערט צום איינגעווייד אדער אנדערע ארגאנען, וועלכע געפינען זיך אין א גרויסען חלל פון קערפער; וואס ענטהאלט די געדערים אדער איינגעווייד; וואס איז שייך צו דער ברוסט-זייט אדער בויך-זייט פון קערפער, וואס געפינט זיך אויף דער ברוסט-זייט פון קערפער [אין געגענזאץ צו דער רוקען-זייט].

vis'cerate *v.* (וויס'-ע-רייט) ארויסנעהמען די געדערים.

vis'cid *a.* (וויס'-איד) קלעפעדיג, קלעפיג, קלייאיג.

viscid'ity *n.* (ווי-סיד'-אי-טי) קלעפעדיגקייט, קלעפיגקייט, קלייאיגקייט.

viscom'eter *n.* (וויס-קאמ'-ע-טער) ז. ***viscosimeter***

viscom'etry *n.* (וויס-קאמ'-ע-טרי) דאס בעשטימען די קלעפיגקייט פון א פליסיגקייט.

viscosim'eter *n.* (וויס-קאו-סימ'-ע-טער) אן אפאראט צו בעשטימען די קלעפיגקייט פון א פליסיגקייט [ווי למשל, פון אויל].

viscosimet'ric *a.* (וויס-קאו-סי-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו אן אפאראט וואס בעשטימט די קלעפיגקייט פון א פליסיגקייט.

viscosimet'rical *a.* (וויס-קאו-סי-מעט'-רי-קעל) ז. ***viscosimetric***

viscos'ity *n.* (וויס-קאס'-אי-טי) ז. ***viscidity***

vis'count *n.* (וואי'-קאונט) א וויקאנט [אן ארעל-טיטול, צווישען גראף און באראן]; א טיטול פון א גראף'ס זוהן.

vis'countcy *n.* (וואי'-קאונט-סי) דער ראנג פון א וויקאנט. ז. ***viscount***

vis'countess *n.* (וואי'-קאונ-טעס) א וויקאנטעסע [אן ארעל-טיטול פון א פרוי, צווישען גרעפין און באראנעסע].

vis'countship *n.* (וואי'-קאונט-שיפ) דער ראנג פון א וויקאנט. ז. ***viscount***

vis'county *n.* (וואי'-קאונ-טי) ז. ***viscountship***

vis'cousness *n.* (וויס'-קאס-נעס) ז. ***viscosity***

vis'cus *n.* (וויס'-קאס) איינער פון די קערפער-טיילען וואס ליגען אין א קערפער-חלל. ז. ***viscera***

vise *n. and v.* (וואיס) א שרויף-שטאק [אזא געצייג עטוואס איינצוקלעמען אום צו האלטען עס פעסט אין דער צייט וואס עס ווערט בעארבייט]; איינקלעמען אין א שרויף-שטאק.


Vises

visé *v. and n.* (ווי-זיי') ווידירען, דורכזעהן און בעשטעטיגען [ווי למשל, א פאספארט]; א וויזא, אן אפיציעלע בעשטעטיגונג [פון א פאספארט].

vise'-bench *n.* (וואיס'-בענטש) א שרויף-שטאק-באנק, א ווערקטיש צו וועלכען א שרויף-שטאק [ז. ***vise***] ווערט בעפעסטיגט.

vise'man *n.* (וואיס'-מען) איינער וואס ארבייט ביי א שרויף-שטאק.

Vish'nu *n.* (וויש'-נוה) ווישנו [אין דער אינדישער מיטאלאגיע — איינער פון די דריי געטהייטען (בראהמא, סיווא און ווישנו), די פערקערפערונג פון דער זון און פון גוטס].

visibil'ity *n.* (וויז-אי-ביל'-אי-טי) זיכטבארקייט, בעמערקבארקייט, דאס קענען געזעהן אדער בעמערקט ווערען.

vis'ible *a. and n.* (וויז'-איבל) זיכטבאר, וואס מען קען זעהן; בעמערקליך; אויגענשיינליך; דייטליך; אפענבאר; א זיכטבארע זאך.

vis'ibleness *n.* (וויז'-איבל-נעס) ז. ***visibility***

vis'ibly *adv.* (וויז'-אי-בלי) זיכטבאר, בעמערקליך; אויגענשיינליך, איינפאך, דייטליך, קלאר, אפענבאר.

vis iner'tiæ (וויס אין-אויר'-שי-אי) ז. ***inertia***

vi'sion *n. and v.* (וויזש'-אן) די זעהקראפט, די ראיה; דאס זעהן; אן ערשיינונג; דאס געזעהענע; א זעהונג, א פראפעטישע זעהונג; א חלום, א טרוים; א פאנטאסטישעס בילד; אן אילוזיאן; א פאנטאזיע, אן איינבילדונג, א פארשטע-

לונג; זיך פארשטעלען; פאנטאזירען, טרוימען, חלום'ען.

vi'sional *a.* (וויזש'-אַנ-על) וואס איז שייך צו א זעהונג, חלום אדער פאנטאזיע; וואס איז געזעהן אין חלום אדער פאנטאזיע; ניט רעאל, ניט ווירקליך.

vi'sionariness *n.* (וויזש'-אַנ-ע-רי-נעס) איינגעבילדעטקייט, דאס עקזיסטירען נור אין דער איינבילדונג, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; פאנטאסטישקייט; אונאויספיהרבארקייט, אונמעגליכקייט; אונפראקטישקייט; דאס חלום'ען, דאס טרוימען, דאס פאנטאזירען.

vi'sionary *a. and n.* (וויזש'-אַנ-ע-רי) איינגעבילדעט, וואס עקזיסטירט נור אין דער איינבילדונג, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; ראמאנטיש, טרוימעריש, פאנטאסטיש; אונאויספיהרבאר, אונמעגליך; אונפראקטיש; חלום'ענד, טרוימענד, פאנטאזירענד; רייך אין פאנטאזיעס; מיט א שטארקער פאנטאזיע; א גייסטער=זעהער; א פאנטאסט; א טרוימער, א בעל=חלומות, א פאנטאזיאר.

vi'sionist *n.* (וויזש'-אַנ-איסט) א גייסטער=זעהער, א פאנטאסט.

vi'sionless *a.* (וויזש'-אַנ-לעס) אהן א ראיה, בלינד.

vis'it *v. and n.* (וויז'-איט) בעזוכען, אבשטאטען א בעזוך; מאכען וויזיטען; טרעפען [ווי מיט א קראנקהייט אדער אונגליק]; בעזעהן, בעקוקען; אונטערזוכען; משפט'ען; בעשטראפען; א וויזיט, א בעזוך; אן אפיציעלער בעזוך.

vis'itable *a.* (וויז'-אי-טעבל) וואס דארף אדער קען אונטערזוכט ווערען.

vis'itant *n. and a.* (וויז'-אי-טענט) א בעזוכער; א וואנדער=פויגעל [וואס האלט זיך אויף אין א געוויסער געגענד בלויז א געוויסע צייט]; בעזוכענד.

Vis'itant *n.* (וויז'-אי-טענט) א מיטגליעד פון א געוויסען קאטוילישען מאנאשקעס=ארדען.

visita'tion *n.* (וויז-אי-טיי'-שאַן) דאס בעזוכען; א בעזוך; א וויזיט; א בעזיכטיגונג, אן אינספעקציאן, א דורכזוכונג; אן אפיציעלער וויזיט וואס א בעאמטער מאכט אין אן אינסטיטוציאן פאר דעם צוועק פון אן אונטערזוכונג; די געטליכע היימזוכונג, די געטליכע פערטיילונג פון גנאד אדער שטראף; גאט'ס משפט; גאט'ס שטראף; א פאסירונג, א געשעהעניש.

Visita'tion *n.* (וויז-אי-טיי'-שאַן) די מאריע=בעזוכונג [א קריסטליכער יום טוב דעם 2טען יוני].

visitato'rial *a.* (וויז-אי-טיי-טאָ'-רי-על) ז. *visitorial*.

vis'it-card *n.* (וויז'-איט-קארד) ז. *visiting-card*.

vis'it-day *n.* (וויז'-איט-דיי) א בעזוכס=טאג [א טאג ווען מען נעהמט אויף געסט].

vis'iter *n.* (וויז'-אי-טער) ז. *visitor*.

vis'iting *n. and a.* (וויז'-אי-טינג) דאס מאכען וויזיטען; אן איינפלוס, א ווירקונג; אן אימפולס, אן אנרעגונג; בעזוכענד; וואס איז בעפאלמעכטיגט צו קומען מאכען אן אונטערזוכונג.

vis'iting-book *n.* (וויז'-אי-טינג-בוק) א וויזיט=בוך [א בוך אין וועלכען עס ווערען פערציכענט די בעזוכער וואס זיינען געמאכט געווארען אדער וואס דארפען געמאכט ווערען].

vis'iting-card *n.* (וויז'-אי-טינג-קארד) א וויזיט=קארטע.

vis'iting-day *n.* (וויז'-אי-טינג-דיי) א וויזיט=טאג [א טאג ווען איינער נעהמט אויף בעזוכער].

vis'itor *n.* (וויז'-אי-טאר) א בעזוכער; אן אינספעקטאר, אן אונטערזוכער.

visito'rial *a.* (וויז-אי-טאָ'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אונטערזוכער אדער אונטערזוכונג.

visito'rial pow'er (וויז-אי-טאָ'-רי-על פאו'-ער) אונטערזוכונגס=רעכט, דאס רעכט צו קומען מאכען אן אונטערזוכונג.

vis'itress *n.* (וויז'-איט-רעס) א בעזוכערין.

vi'sive *a.* (וואי'-סיוו) וואס איז שייך צו דער זעה=קראפט אדער ראיה.

visne *n.* (וויען) א נאכבארשאפט, וואו א פערברעכען איז בעגאנגען געווארען.

vis'or *n.* (וויז'-אר) ז. *vizor*.

vis'ored *a.* (וויז'-ארד) ז. *vizored*.

vis'orless *a.* (וויז'-אר-לעס) ז. *vizorless*.

vis'ta *n.* (וויס'-טא) א דורכזיכט [ווי למשל, דורך א. בוימער=אלעע]; דאס וואס בילדעט אן אלעע [ווי למשל, בוימער]; אן אויסזיכט; א בילד [פארגעשטעלט אין געדאנק].

vis'ual *a.* (וויזש'-יו-על) וואס געהערט אדער דיענט צום זעהן, וואס געהערט צו דער זעהונגס=קראפט; זיכטבאר, וואס מען קען זעהן.

vis'ual an'gle (וויזש'-יו-על ענגל) דער זעה=ווינקעל [דער ווינקעל וואס בילדעט זיך פון צוויי זיך=שניידענדע שטראהלען געצויגען פון די ענד=פונקטען פון א געגענשטאנד צו דעם געזיכטס=פונקט פון אויג].

visualisa'tion *n.* (וויז-יו-על-אי-זיי'-שאַן) ז. *visualization*.

vis'ualise *v.* (וויזש'-יו-על-איז) ז. *visualize*.

visual'ity *n.* (וויזש-יו-על'-אי-טי) זיכטבארקייט, דאס קענען געזעהן ווערען; א בילד [פארגעשטעלט אין געדאנק].

visualiza'tion *n.* (וויז-יו-על-אי-זיי'-שאַן) דאס מאכען אדער ווערען זיכטבאר [אין געדאנקען אדער פארשטעלונגען], דאס פארשטעלען זיך אין געדאנק, דאס פארשטעלען זיך פאר די אויגען; א בילד פארגעשטעלט אין געדאנק.

vis'ualize *v.* (וויזש'-יו-על-איז) מאכען זיכטבאר [אין געדאנק אדער פארשטעלונג], זיך פארשטעלען אין געדאנק, זיך פארשטעלען פאר די אויגען.

vis'ually *adv.* (וויזש'-יו-על-אי) וואס איז שייך צום זעהן.

vis'ual nerve (וויזש'-יו-על נוירוו) דער זעה=נערוו.

vis'ual point (וויזש'-יו-על פאינט) אין פערספעקטיוו=צייכנונג — דער זעה=פונקט, דער געזיכטס=פונקט, דער פונקט אין דער האריזאנטאלער ליניע אין וועלכער אלע זעה=שטראהלען פעראייניגען זיך [ז. *visual rays*].

vis'ual rays (וויזש'-יו-על רייז) זעה=שטראהלען [ליניען אדער ליכט=שטראהלען, וועלכע מען שטעלט זיך פאר, אז זיי ציהען זיך צום אויג פון א געגענשטאנד אויף וועלכען מען קוקט].

vi'tal *a.* (וואי'-טעל) פון לעבען, וואס געהערט צום לעבען; וואס איז דורכאויס נויטיג צום לעבען, וויכטיג פאר דעם לעבען, וואס אונטערהאלט דאס לעבען; העכסט נויטיג, זעהר וויכטיג; וואס איז געפעהרליך פאר'ן לעבען; לעבענד, וואס לעבט.

vi'tal force (וואי'-טעל פאורס) די לעבענס=קראפט.

vi'tal func'tions (וואי'-טעל פאנק'-שאַנז) לעבענס=פונקציאנען [ווי די בלוט=צירקולאציאן, די פערדייאונג א. ז. וו.].

vitalisa'tion *n.* (וואי-טעל-אי-זיי'-שאַן) ז. *vitalization*.

vi'talise *v.* (וואי'-טעל-איז) ז. *vitalize*.

vi'taliser *n.* (וואי'-טעל-אי-זער) ז. *vitalizer*.

vi'talism *n.* (וואי'-טעל-איזם) וויטאליזם [די לעהרע אז די אורזאכע פון לעבען ליעגט אין א בעזונדערער לעבענס=קראפט, וועלכע איז ניט פיזיש און ניט מאטעריעל].

vi'talist *n.* (וואי'-טעל-איסט) א וויטאליסט [אן אנהענגער פון וויטאליזם]. ז. *vitalism*.

vitalis'tic *a.* (וואי-טע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו וויטאליזם. ז. *vitalism*.

vital'ity *n.* (וואי-טעל'-אי-טי) לעבענס=קראפט, לעבענס=פעהיגקייט.

vitaliza'tion *n.* (וואי-טעל-אי-זיי'-שאַן) בעלעבונג.

vi'talize *v.* (וואי'-טעל-איז) בעלעבען, געבען לעבען.

vi'talizer *n.* (וואי'-טעל-אי-זער) איינער וואס בעלעבט אדער גיט לעבען, דאס וואס בעלעבט.

vi'tally *adv.* (וואי'-טעל-אי) 1. אזוי אז עס געהט אין לעבען; 2. געבענדיג לעבען; 3. אין די לעבענס=טיילען פון קערפער, בעשעדיגענדיג די וויכטיגסטע לעבענס=טיילען פון קערפער, שטערבליך, טויטליך, אויף טויט.

1. Our country is **vitally** affected by the European war.

vi'tal pow'er (וואי'-טעל פאו'-ער) די לעבענס=קראפט.

vi'tal prin'ciple (וואי'-טעל פרינ'-סיפל) דער לעבענס=פרינציפ, דער יסוד פון לעבען.

vi'tals *n.* (וואי'-טעלז) די לעבענס=טיילען פון קערפער.

vi'tal statis'tics (וואי'-טעל סטע-טיס'-טיקס) לעבענס=סטאטיסטיק [סטאטיסטיק פון געבורט, הייראט, שטערבליכקייט און אלעם וואס האט צו טהאן מיט'ן לעבען און פארטפלאנצונג פון מענשליכע דורות].

vi'tascope *n.* (וואי'-טע-סקאופ) א וויטאסקאפ [א פארריכטונג צו פערגרעסערען און פארצושטעלען אויף א לייווענד בעוועגליכע בילדער]. ז. *kinetoscope*.

vit'ellary *a.* (וויט'-ע-לע-רי) פון געלכעל; פון געלכעל=קאליר; וואס איז שייך צו אן איי=געלכעל.

vitellig'enous *a.* (וויט-ע-לידזש'-ע-נאס) וואס פראדוצירט דאס געלכעל [פון אן איי].

vitel'lin *n.* (וואי-טעל'-אין) דער פראטעאיד וואס געפינט זיך אין אן איי=געלכעל. ז. *proteid*.

vitel'line *a. and n.* (וואי-טעל'-אין) וואס איז שייך צו אן איי=געלכעל; וואס בעשטעהט פון געלכעל; פון געלכעל=קאליר, טיעף=געל מיט א שאטירונג פון רויט; א געלכעל.

vitellog'enous *a.* (וויט-ע-לאדזש'-ע-נאס) ז. *vitelligenous*.

vitel'lus *n.* (וואי-טעל'-אס) דאס איי-
געלבעל; די פראטאפלאזמע פון אן
אייעלע, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך
אן ארגאניזם.

vi'tiate *v.* (וויש'-אי-אייט) 1. פערדאר-
בען; 2. מאכען אונגילטיג, מבטל זיין.

1. Sewer gas vitiates the air. 2. Fraud vitiates a contract.

vitia'tion *n.* (וויש-אי-איי'-שאן) פער-
דארבונג, דאס מאכען אונגילטיג, דאס
מבטל זיין.

vi'tiator *n.* (וויש'-אי-איי-טאר) א פער-
דארבער, עטוואס וואס פערדארבט; איי-
נער אדער עטוואס וואס מאכט אונגילטיג
אדער איז מבטל.

vit'icide *n.* (וויט'-אי-סאיד) א וויינ-
שטאק-פערדארבער, אן אינזעקט וואס שע-
דיגט וויינשטאקען.

vitic'olous *a.* (וואי-טיק'-א-לאס) וואס
האלט זיך אויף וויינשטאקען אדער ווערט
פראדוצירט אויף וויינשטאקען [ווי גע-
וויסע אינזעקטען אדער שוועמלעך].

vitic'ula *n.* (וואי-טיק'-יו-לא) א קרי-
כענדער אדער קלעטערענדער שטענגעל
[ווי למשל, פון אן אוגערקע].

vitic'ulose *a.* (וואי-טיק'-יו-לאס) וואס
ברייננט ארויס ראנקען אדער אויסלוי-
פערס. ז. *sarmentose*

viticul'tural *a.* -וויט-אי-קאל'-טשור)
על) וואס איז שייך צו וויין-קולטיווירונג.

vit'iculture *n.* (וויט'-אי-קאל-טשור)
וויין-קולטיווירונג.

viticul'turist *n.* -וויט-אי-קאל'-טשור)
איסט) א וויין-קולטיווירער, איינער וואס
בעשעפטיגט זיך מיט וויינגארטנעריי.

vitili'go *n.* (וויט-אי-לאי'-גאו) א קראנק-
הייט, בעשטיימט אין בלאסע פלעקען פון דער
הויט.

vitiligoi'dea *n.* (וויט-אי-לי-גאי'-די-א)
א הויט-קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט
ווערט בעדעקט מיט געלבליכע פלעקען
אדער פרישטשעקעס [הויפטזעכליך אויף
די אויגען-לעדלעך].

vitilit'igate *v.* (וויט-אי-ליט'-אי-גייט)
לאדען אין געריכט, דאקוטשען מיט לא-
דענישען אין געריכט.

vitios'ity *n.* (וויש-אי-אס'-אי-טי) פער-
דארבענהייט.

vi'tious *a.* (וויש'-אס) ז. *vicious*

vi'tiousness *n.* (וויש'-אס-נעס)
ז. *viciousness*

Vi'tis *n.* (וואי'-טיס) דער מין פלאנצען
צו וועלכען עס געהערען די וויינשטאקען.

vit'rea *n.* (וויט'-רי-א) פארצייטיגע
גלעזערנע כלים, ברוכשטיקער פון פארצי-
טיגע גלעזערנע כלים; דער קריסטאל-קער-
פער [פון די אויגען. ז. *vitreum*].

vit'reo-elec'tric *a.* -וויט'-רי-או-אי)
לעק'-טריק) פאזיטיוו-עלעקטריש, גלאז-
עלעקטריש, וואס ענטהאלט אדער ברייננט
ארויס אזא עלעקטריציטעט וואס קומט
פון רייבען גלאז.

vitreos'ity *n.* (וויט-רי-אס'-אי-טי)
ז. *vitreousness*

vit'reous *a.* and *n.* (וויט'-רי-אס) גלע-
זערן, גלאזיג, גלעזעריג, גלאזארטיג; דער
קריסטאל-קערפער פון אויג, די גלאזארטי-
גע פליסיגקייט פון אויג [אין דעם הינ-
טער-טייל פון דעם שווארץ-אפעל].

vit'reous bod'y of the eye -'וויט)
ri-אס באד'-אי אוו טהי אי) ז. *vitreum*

vit'reous electric'ity -וויט'-רי-אס)
אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וואס
בעקומט זיך פון רייבען גלאז.

vit'reous hu'mor of the eye -'וויט)
רי-אס היו'-מאר אוו טהי אי)
ז. *vitreum*

vit'reous lens (וויט'-רי-אס לענז)
ז. *vitreum*

vit'reousness *n.* (וויט'-רי-אס-נעס)
גלעזעריגקייט, גלאזארטיגקייט.

vitres'cence *n.* (ווי-טרעס'-ענס) פער-
גלעזערונג, פערגלאזונג, פערוואנדלונג אין
גלאז, דאס פערוואנדלען זיך אין גלאז.

vitres'cent *a.* (ווי-טרעס'-ענט) זיך
פערוואנדלענד אין גלאז.

vitres'cible *a.* (ווי-טרעס'-איבל) וואס
קען ווערען גלאזיג אדער גלעזערן, וואס
קען פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vit'reum *n.* (וויט'-רי-אם) דער קריס-
טאל-קערפער פון אויג, די גלאזארטיגע
פליסיגקייט פון אויג [אין דעם הינטער-
טייל פון דעם שווארץ-אפעל].

vit'ric *a.* (וויט'-ריק) גלאז-, גלאז-
גלאזיג, גלאז-
ארטיג.

vit'rics *n.* (וויט'-ריקס) דאס שטודיום
אדער די געשיכטע פון גלאז-פאבריקאציאן;
גלאז און גלאז-מאטעריאלען.

vitrifac'tion *n.* (וויט-רי-פעק'-שאן)
פערגלאזונג, פערגלעזערונג, פערוואנדלונג
אין גלאז.

vitrifac'ture *n.* (וויט-רי-פעק'-טשור)
גלאז-פאבריקאציאן.

vitrifiabil'ity *n.* -וויט-רי-פאי-ע-ביל')
אי-טי) פערגלאזבארקייט, די פעהיגקייט
פערגלעזערט צו ווערען אדער פערוואנ-
דעלט צו ווערען אין גלאז.

vit'rifiable *a.* (וויט'-רי-פאי-עבל) פער-
גלאזבאר, וואס קען פערגלעזערט ווערען
אדער פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vitrifica'tion *n.* (וויט-רי-פי-קיי'-שאן)
פערגלאזונג, פערגלעזערונג, פערוואנדלונג
אין גלאז.

vit'riform *a.* (וויט'-רי-פארם) גלאז-
פערמיג, גלאז-עהנליך.

vit'rify *v.* (וויט'-רי-פאי) פערגלאזען,
פערוואנדלען אין גלאז; פערגלעזערט ווע-
רען, פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vitri'na *n.* (ווי-טראי'-נא) א גלאז-שנעק,
א גלאז-שליאמאק [א שנעק מיט א דינעם,
דורכזיכטיגען דעקעל אדער שאלעכץ].

vit'rine *n.* (וויט'-רין) א וויטרינע, א
שוי-קאסטען [א גלעזערנער קאסטען צום
אויסשטעלען זאכען].

vit'rinoid *a.* (וויט'-רי-נאיד) עהנליך צו
א גלאז-שנעק. ז. *vitrina*

vit'riol *n.* (וויט'-רי-אל) וויטריאל, אלע-
אום, שוועבעל-זויערע.

vit'riolate *v.* and *a.* (וויט'-רי-א-לייט)
וויטריאליזירען, פערוואנדלען אין וויט-
ריאל [אלעאום]; פערוואנדעלט אין וויט-
ריאל.

vitriola'tion *n.* (וויט-רי-א-ליי'-שאן)
וויטריאליזירונג, פערוואנדלונג אין וויט-
ריאל [אלעאום].

vitriol'ic *a.* (וויט-רי-אל'-איק) 1. וויט-
ריאליש, עהנליך צו וויטריאל, פון וויט-
ריאל, וואס איז שייך צו וויטריאל [אלע-
אום]; 2. ברענענד; 3. בייסענד, שניידענד,
שארף.

2. I can never taste this vitriolic drink. 3. The article brought forth a flood of vitriolic criticism.

vitriol'ic e'ther (וויט-רי-אל'-איק
איע'-טהער) ז. *sulphuric ether*

vit'rioline *a.* (וויט'-רי-א-לין) וויטרי-
ליש, וויטריאל-עהנליך, פון וויטריאל
[אלעאום].

vit'riolizable *a.* (וויט'-רי-אל-אי-זעבל)
וויטריאליזירבאר, וואס קען פערוואנדעלט
ווערען אין וויטריאל [אלעאום].

vitrioliza'tion *n.* -וויט-רי-אל-אי-זיי')
שאן) ז. *vitriolation*

vit'riolize *v.* (וויט'-רי-אל-איז) וויטרי-
אליזירען, פערוואנדלען אין וויטריאל
[אלעאום]; פערגיפטיגען, צוברענען אדער
בעשעדיגען מיט וויטריאל.

vit'ry *n.* (וויט'-רי) אזא לייוועגט.

vit'ta *n.* (וויט'-א) א קאפ-באנד; א
גירלאנדע; אן אויל-גריבעלע [אין פלאנ-
צען]; אין זאאלאגיע — א שטרייף.

vit'tate *a.* (וויט'-אייט) וואס איז גע-
געשטרייפט; וואס
האט אויל-גריבעלעך [וועגען פלאנצען].

vit'ular *a.* (וויט'-יו-לאר) קעלבערן,
וואס איז שייך צו א קאלב.

vit'ular ap'oplexy -וויט'-יו-לאר עפ')
א-פלעק-סי) אפאפלעקציע ביי בהמות וואס
קומט ביים געבעהרען א קאלב.

vit'ular fe'ver -וויט'-יו-לאר פיע')
ווער) ז. *vitular apoplexy*

vit'ulary *a.* (וויט'-יו-לע-רי)
ז. *vitular*

vit'uline *a.* (וויט'-יו-לין) קעלבערן; פון
א קאלב; קאלב-עהנליך; וואס איז שייך
צו א קאלב.

vitu'perable *a.* (וואי-טיו'-פע-רעבל)
וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען, וואס
דארף בלאמירט ווערען אדער געשימפפט
ווערען.

vitu'perate *v.* (וואי-טיו'-פע-רייט)
טאדלען, פאראורפען, מאכען פארווירפע,
בלאמירען, זידלען, שימפפען.

vitupera'tion *n.* -וואי-טיו-פע-ריי')
שאן) טאדעל, טאדלונג, בלאמירונג, זיד-
לונג, שימפפונג.

vitu'perative *a.* -וואי-טיו'-פע-ריי)
טיוו) טאדלענד, בלאמירענד, זידלענד,
שימפפענד.

vitu'peratively *adv.* -וואי-טיו'-פע)
ריי-טיוו-לי) טאדלענדיג, בלאמירענדיג,
מיט זידלעריי, מיט שימפפעריי.

vitu'perator *n.* -וואי-טיו'-פע-ריי)
טאר) א טאדלער, א בלאמירער, א זיד-
לער, א שימפפער.

vi'va *int.* (ווי'-וואו) עס לע-
בע! זאל לאנג לעבען! האך!

viva'ce *a.* (ווי-וואו'-טשע) — אין מוזיק
לעבעדיג, מונטער.

viva'cious *a.* (ווי-וויי'-שאס)
לעבעדיג, מונטער.

viva'ciously *adv.* (ווי-וויי'-שאס-לי)
אויף א לעבעדיגען, מונטערען אופן.

viva'ciousness *n.* (ווי-וויי'-שאס-נעס)
לעבהאפטיגקייט, לעבעדיגקייט, מונטער-
קייט.

vivacis'simo *a.* (ווי-וואו-טשיס'-אי-מא)
אין מוזיק — שטארק לעבעדיג, שטארק
מונטער.

vivac'ity *n.* (ווי-וועס'-אי-טי)
ז. *vivaciousness*

vivandière' *n.* (ווי-וואנ-די-עהר') א
מארקעטאנטין, א מארקעטענדערין, א פרוי
וואס פערקויפט פערשידענע פראדוקטען
צום מיליטער.

viva'rium *n.* (וואי-ווי'-רי-אם) אן
ארט וואו מען האלט לעבעדיגע בעשעפע-
נישען [ווי אן אקוואריום, א טהיער-גאר-
טען א. ז. וו.].

vi'vary *n.* (וואי'-וועי-רי)
ז. *vivarium*

vi'vat *n.* (וואי'-וועט) [אן וויוואט] א
אויסגעשריי פון פרייד אדער בעגייסטע-
רונג].

vi'va vo'ce (וואי'-וואׄ וואו'-סי) מינדליך, אויסגעדריקט אין ווערטער.
The motion was carried by a **viva voce** vote.

viv'da *n.* (וויוו'-דאׄ) ז. *vifda*

vive *a.* (וואיוו) לעבעדיג, מונטער, קרעפטיג.

vive! *int.* (וויעוו) עס לעבע! לאנג לעבען זאל!

vives *n.* (וואיווז) די פייפעל [א מין געשוויר ביי א פערד אונטער'ן אויער].

viv'ianite *n.* (וויוו'-אי-ען-איט) וויוויאניט, אייזען=בלוי, בלוי=אייזען=ערץ אדער פאספאר=זויערעם אייזען [אזא מינעראל].

viv'id *a.* (וויוו'-איד) לעבהאפט, לעבעדיג, מונטער; פריש, שטארק, קלאר, העל [ווען געזאגט, קאליר, שיין א. ז. וו.].

viv'idly *adv.* (וויוו'-איד-לי) מיט לעבעדיגקייט, מיט מונטערקייט; מיט קלארקייט, פרישקייט, שטארקייט, אדער העלקייט [ווי פון קאליר, שיין א. ז. וו.].

viv'idness *n.* (וויוו'-איד-נעס) לעבהאפטיגקייט, לעבעדיגקייט, מונטערקייט; פרישקייט, קלארקייט, שטארקייט, העלקייט [ווי פון קאליר, שיין א. ז. וו.].

vivif'ic *a.* (וואי-וויפ'-איק) בעלעבענד, וואס מאכט לעבעדיג.

vivif'ical *a.* (וואי-וויפ'-אי-קעל) ז. *vivific*

vivif'icant *a.* (וואי-וויפ'-אי-קענט) בעלעבענד, וואס מאכט לעבעדיג.

vivif'icate *v.* (וואי-וויפ'-אי-קייט) אויפלעבען, בעלעבען; אין כעמיע — רעגענערירען, אומקעהרען צום נאטירליכען צושטאנד [א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג].

vivifica'tion *n.* (וויוו-אי-פי-קיי'-שאן) בעלעבונג, אויפלעבונג, לעבעדיג=מאכונג; אין פיזיאלאגיע — פערוואנדלונג פון פראטעאיד=שטאפען [ז. *proteid*] אין לעבעדיגען ארגאניזם=געוועב.

viv'ifier *n.* (וויוו'-אי-פאי-ער) א בעלעבער, אן אויפלעבער, אן אויפמונטערער.

viv'ify *v.* (וויוו'-אי-פאי) בעלעבען, מאכען לעבעדיג, אויפלעבען, אויפמונטערען.

Vivip'ara *n.* (וואי-וויפ'-ע-רא) דער מין זויג=טהיערע, דער מין חיות וואס געבעהרען לעבעדיגע קינדער [אין נעגענזאץ צו די בעשעפענישען וואס לעגען אייער].

vivipar'ity *n.* (וויוו-אי-פער'-אי-טי) געבורט פון לעבעדיגע קינדער [אין נעגענזאץ צו דער אויסבריהונג פון אייער], דאס געבעהרען לעבעדיגע קינדער.

vivip'arous *a.* (וואי-וויפ'-ע-ראס) וואס געבעהרט לעבעדיגע קינדער; זיך פארטפלאנצענד פון זאמען אדער קנאספען אויף דער מוטער=פלאנצע.

vivip'arously *adv.* (וואי-וויפ'-ע-ראס-לי) זיך פערמעהרענדיג דורך געבורט, נעבעהרענדיג לעבעדיגע קינדער; זיך פארטפלאנצענדיג דירעקט אויף דער מוטער=פלאנצע.

vivip'arousness *n.* (וואי-וויפ'-ע-ראס-נעס) ז. *viviparity*

vivisect' *v.* (וויוו-אי-סעקט') פראקטיצירען וויוויסעקציאן [אנאטאמירונג אדער אפערירונג פון לעבעדיגע חיות פאר וויסענשאפטליכע מעדיצינישע צוועקען]; אנאטאמירען, צושניידען אדער אפערירען א לעבעדיג בעשעפעניש [פאר וויסענשאפטליכע צוועקען]; מאכען מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות.

vivisec'tion *n.* (וויוו-אי-סעק'-שאן) וויוויסעקציאן, צושניידונג, אנאטאמירונג אדער אפערירונג פון לעבעדיגע חיות פאר וויסענשאפטליכע צוועקען, דאס מאכען מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות.

vivisec'tional *a.* (וויוו-אי-סעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו וויוויסעקציאן. ז. *vivisection*

vivisec'tionist *n.* (וויוו-אי-סעק'-שאנ-איסט) א וויוויסעקטאר, איינער וואס פראקטיצירט וויוויסעקציאן; אן אנהענגער פון וויוויסעקציאן. ז. *vivisection*

vivisect'or *n.* (וויוו-אי-סעקט'-אר) א וויוויסעקטאר, איינער וואס פראקטיצירט וויוויסעקציאן. ז. *vivisection*

vivisecto'rium *n.* (וויוו-אי-סעק-טאו'-רי-אם) א וויוויסעקטאריום [א פלאץ, וואו מען פראקטיצירט וויוויסעקציאן, וואו מען מאכט מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות].

vivisep'ulture *n.* (וויוו-אי-סעפ'-אל-טשור) דאס בעגראבען לעבעדיגערהייד.

vi'vo *a.* (וויע'-וואו) ז. *vivace*

vix'en *n. and a.* (וויקסן) א בייזע פרוי, א מרשעת, א סעדיכע; א "זי"=פוקס; בייז, קריעגעריש, מעשה סעדיכע.

vix'enish *a.* (וויק'סנ-איש) בייז, קריעגעריש, מעשה סעדיכע, ווי א מרשעת.

vix'enly *a.* (וויק'סנ-לי) ז. *vixenish*

viz. אבקירצונג פון *videlicet*, נעמליך, דאס הייסט [ביים לייענען ווערט די אבקירצונג אויסגעשפראכען *namely*].

vi'zament *n.* (וואי'-זע-מענט) ז. *advisement*

viz'ard *n.* (וויז'-ארד) א מאסקע.

vizcach'a *n.* (וויז-קעטש'-א) ז. *viscacha*

vizier' *n.* (ווי-זיער') ז. *vizir*

vizier'ate *n.* (ווי-זיער'-אייט) ז. *vizirate*

vizie'rial *a.* (ווי-זיע'-רי-על) ז. *vizirial*

vizier'ship *n.* (ווי-זיער'-שיפ) ז. *vizirate*

vizir' *n.* (ווי-זיער') א וויזיר [א מיניסטער אדער סתם הויכער שטאאטס=בעאמטער אין די מאכמעדאנישע לענדער].

vizir'ate *n.* (ווי-זיער'-אייט) דאס וויזיראט, דאס אמט אדער די מאכט פון א וויזיר. ז. *vizir*

vizi'rial *a.* (ווי-זיע'-רי-על) וואס איז שייך צו א וויזיר. ז. *vizir*

vizir'ship *n.* (ווי-זיער'-שיפ) ז. *vizirate*

viz'or *n. and v.* (וויז'-אר) א מאסקע; א שירם פון א היטעל, א קאזיראק, א דאשעק; א וויזיער אדער העלם=שיבער [דער דאשעק פון א קאפ=פאנצער]; מאסקירען, פערמאסקירען; בעזארגען מיט א דאשעק אדער וויזיער [העלם=דאשעק].

viz'ored *a.* (וויז'-ארד) מאסקירט; מיט א דאשעק; בעזארגט מיט א וויזיער [א העלם=דאשעק].

viz'orless *a.* (וויז'-אר-לעס) ניט מאסקירט; אהן א דאשעק; אהן א וויזיער [העלם=דאשעק].

Vlach *a. and n.* (וולעק) ז. *Wallachian*

vlaie *n.* (וולאי) ז. *vly*

vly *n.* (וולאי) א בלאטע; א לוזשע.

vo. אבקירצונג פון *verso* [די זייט פון א בוך אדער מאנוסקריפט, וואס איז נומערירט מיט גראדע צאהלען, ווי 2, 4, 6 א. ז. וו.].

voc. אבקירצונג פון *vocative*

vo'cable *n.* (וואו'-קעבל) א וואקאבעל, אווארט; אן אויסדרוק; א נאמען.

vocab'ulary *n.* (ווא-קעב'-יו-לע-רי) 1. א וואקאבולאריום, א ווערטער=פערצייכניס [פון א שפראך, דיאלעקט, בוך א. ז. וו.]; א ווערטערבוך; 2. א ווערטערשאץ, א ווערטער=אוצר [פון א שפראך אדער פערזאן].
1. I bought a **vocabulary** of technical terms.
2. In the English **vocabulary** there are more Romance words than Teutonic.

vocab'ulist *n.* (ווא-קעב'-יו-ליסט) א פערפאסער פון א וואקאבולאריום. ז. *vocabulary*

vo'cal *a. and n.* (וואו'-קעל) וואקאל, וואס איז שייך צו דער שטימע, צו דער שפראך אדער צו געזאנג; מינדליך; אויסגעשפראכען; זינגענד; בעגאבט מיט א שטימע; אויסגעדריקט מיט דער שטימע [ניט מיט דעם אטעם, ווי די קלאנגען "ז" "וו" אדער "ב" אין געגענזאץ צו די קלאנגען "ס", "פ" אדער "פ"]; וואקאל, זעלבסט=לויטענד [וואס קען אויסגעשפראכען ווערען אליין, ווי די קלאנגען "א", "ע", "י", "ו" א. ז. וו., אין געגענזאץ צו די קאנזאנאנטען, וואס קענען אליין ניט אויסגעשפראכען ווערען, ווי "ב", "ג", "ד" א. ז. וו.]; אין דער קאטוילישער קירך — איינער וואס האט שטימרעכט ביי געוויסע קירכליכע וואהלען.

vo'cal cords (וואו'-קעל קאהרדז) די שטים=בענדער [די פאלדען אין האלז, וואס רופען ארוים די שטימע].

vocal'ic *a.* (ווא-קעל'-איק) וואקאליש, זעלבסט=לויטענד, וואס איז שייך צו וואקאלען [קלאנגען, וואס קענען אליין אויסגעשפראכען ווערען, ווי "א", "ע" א. ז. וו.].

vocalisa'tion *n.* (וואו-קעל-אי-זיי'-שאן) ז. *vocalization*

vo'calise *v.* (וואו'-קעל-איז) ז. *vocalize*

vocalise' *n.* (וואו-קא-ליעז') איבונגען אין זינגען [אהן ווערטער, נאר אנרופענדיג די נאטען].

vo'calism *n.* (וואו'-קעל-איזם) וואקאליזם, דאס ארויסברייינגען שטים=קלאנגען; א וואקאל=קלאנג [א זעלבסט=לויטענדער קלאנג, וואס קען אליין ארויסגעבראכט ווערען, אהן דער הילף פון אנדערע קלאנגען, ווי "א", "ע" א. ז. וו.]; א סיסטעם פון וואקאלען.

vo'calist *n.* (וואו'-קעל-איסט) א זינגער, א זינגערין.

vocal'ity *n.* (ווא-קעל'-אי-טי) אויסשפרעכליכקייט, די מעגליכקייט אויסגעשפראכען צו ווערען, ארויסגעבראכט ווערען מיט דער שטימע אדער אויסגעזונגען צו ווערען; דאס זיין וואקאליש, וואקאלישקייט [דאס קענען אויסגעשפראכען ווערען אהן דער הילף פון אנדערע קלאנגען, ווי די קלאנגען "א", "ע" א. ז. וו.].

vocaliza'tion *n.* (וואו-קעל-אי-זיי'-שאן) דאס ארויסברייינגען מיט דער שטימע, דאס ווערען ארויסגעבראכט מיט דער שטימע; די פארמירונג און אויסשפרעכונג פון וואקאלען [קלאנגען, וואס קענען ארויסגעבראכט ווערען אהן דער הילף פון אנדערע קלאנגען, ווי "א", "ע", "י" א. ז. וו.].

vo'calize *v.* (וואו'-קעל-איז) מאכען וואקאל; פערוואנדלען אין א שטימע, ארויסברייינגען מיט דער שטימע; געברויכען די שטימע; רעדען; זינגען. ז. *vocal*

vo'cally *adv.* (וואו'-קעל-אי) וואקאל, דורך דער שטימע, אין ווערטער, מינדליך, זינגענדיג; אין בעצוג צו וואקאלען [קלאנגען, וואס קענען ארויסגעבראכט ווערען

אהן דער הילף פון אנדערע קלאנגען, ווי "א", "ע", "י" א. ז. וו.].
vo'cal mu'sic (וואו'-קעל מיו'-זיק) וואָקאלע מוזיק [צום זינגען, ניט צום שפּיעלען].
vo'calness *n.* (וואו'-קעל-נעס) ז. *vocality*.
vo'cal tone (וואו'-קעל טאון) א טאָן פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט ענהליך צו דעם טאָן פון א מענשליכער שטימע.
voca'tion *n.* (ווא-קיי'-שאן) א בערוף; א פּראָפעסיאָן, א בעשעפטיגונג.
voca'tional *a.* (ווא-קיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בערוף אדער פּראָפעסיאָן.
voca'tionally *adv.* (ווא-קיי'-שאנ-על-אי) אין בעצוג צום בערוף אדער פּראָפעסיאָן.
voc'ative *a. and n.* (וואָק'-ע-טיוו) וואָקאטיוו, רופענד, צורופענד, זיך ווענדענד; דער וואָקאטיוו, דער רוף־קאזוס אדער ווענדונגס־קאזוס [די פאָרם פון א הויפּטוואָרט, וואס בעצייכענט א פּערזאָן אדער זאך, צו וועלכע מען רופט אדער מען ווענדעט זיך].
voc'ative case (וואָק'-ע-טיוו קייס) דער וואָקאטיוו. ז. *vocative*.
vocif'erance *n.* (ווא-סיפ'-ע-רענס) ז. *vociferation*.
vocif'erant *a. and n.* (ווא-סיפ'-ע-רענט) שרייענד, לאַרמענד; א שרייער, איינער וואס לאַרעמט.
vocif'erate *v.* (ווא-סיפ'-ע-רייט) שרייען, שרייען אויף'ן קול, לאַרמען, מאכען א לאַרם.
vocifera'tion *n.* (ווא-סיפ-ע-ריי'-שאן) דאס שרייען; א לאַרמונג; א געשריי, א לאַרם.
vocif'erator *n.* (ווא-סיפ'-ע-ריי-טאָר) א שרייער, א לאַרמער.
vocif'erous *a.* (ווא-סיפ'-ע-ראס) שרייענד, לאַרמענד.
vocif'erously *adv.* (ווא-סיפ'-ע-ראס-לי) מיט געשריי, מיט לאַרם.
vocif'erousness *n.* (ווא-סיפ'-ע-ראס-נעס) שרייעדיגקייט, לאַרעמדיגקייט.
vod'ka *n.* (וואָד'-קא) וואָדקא, רוסישער בראנפען.
vogue *n.* (וואוג) 1. מאָדע; אלגעמיינע בעליעבטקייט אדער בעקאנטקייט, אלגעמיינע אנגענומענקייט; 2. אנגענומענע מיינונג; קלאנג, סלוך.
1. His writings were in **vogue** fifty years ago.
voice *n. and v.* (וואיס) 1. א שטימע, א קול; 2. שפּראך, רעדע־פעהיגקייט; 3. א מיינונג; א צושטימונג; 4. א דעה; שטימרעכט; 5. בעפעהל; ווילען; 6. איינער וואס דריקט אויס עפּעס; 7. א שפּראך־קלאנג ארויסגעבראכט מיט דער שטימע [ניט מיט דעם אָטעם]; 8. אויסדריקען, געבען אויסדרוק, בעקאנט מאכען, ערקלערען; 9. אנשטימען; רעגולירען דעם טאָן; 10. שרייבען די נאָטען פון א מוזיקאלישען שטיק פאר א בעזונדערען אינסטרומענט אדער שטימע; 11. ארויסברייגען א שפּראך־קלאנג מיט דער שטימע [ניט מיט'ן אָטעם].
4. You have no **voice** in the matter. 5. Ye would not be obedient unto the **voice** of the Lord your God. 6. The poet is the **voice** of the noblest emotions of mankind. 8. We are **voicing** the discontent of the oppressed.
voice'-buil'der *n.* (וואיס'-ביל'-דער) איינער וואס ענטוויקעלט א שטימע [דורך איבונגען אין זינגען]; א לעהרער פון זינגען.
voice'-buil'ding *n.* (וואיס'-ביל'-דינג) די אויסארבייטונג פון א שטימע [דורך מוזיקאלישע איבונגען].
voiced *a.* (וואיסט) בעגאבט מיט א שטימע; וואס האט א שטימע.
voice'-forma'tion *n.* (וואיס'-פאָר-מיי'-שאן) ז. *voice-building*.
voice'ful *a.* (וואיס'-פול) וואס האט א שטימע; ארויסברייגענד קלאנגען; קלינגענד, קלאנגפול.
voice'fulness *n.* (וואיס'-פול-נעס) דאס זיין קלאנגפול; קלינגענדיגקייט; דאס ארויסברייגען קלאנגען.
voice'less *a.* (וואיס'-לעס) אהן א שטימע; שטום, שטיל; שווייגענד; וואס האט ניט קיין דעה, קיין שטימע אדער שטימרעכט; ניט ארויסגעבראכט מיט דער שטימע, נאר מיט דעם אָטעם [ווענען שפּראך־קלאנגען].
voice'lessness *n.* (וואיס'-לעס-נעס) שטימלאזיגקייט; שטומקייט; שטילקייט.
voice'-part *n.* (וואיס'-פּארט) די זינג־שטימע, די געזאנג־שטימע [דער טייל פון א מוזיקאלישער קאָמפּאָזיציאָן צום זינגען].
voice'-produc'tion *n.* (וואיס'-פּראָ-דאָק'-שאן) אויסבילדונג פון דער שטימע [דורך איבונגען]; דאס מאכען געוויסע עפעקטען מיט דער שטימע [ביים ריידען אדער זינגען].
voi'cer *n.* (וואי'-סער) איינער וואס שטימט אן אדער שטעלט אן דעם טאָן פון אן ארגעל.
voice'-trai'ner *n.* (וואיס'-טריי'-נער) ז. *voice-builder*.
voice'-trai'ning *n.* (וואיס'-טריי'-נינג) ז. *voice-building*.
voi'cing *n.* (וואי'-סינג) דאס אנשטימען אדער אויסרעגולירען דעם טאָן פון אן ארגעל; אויסדריקונג א. ז. וו. [ז. *voice*].
void *a., n. and v.* (וואיד) 1. לעדיג, לעער, פּוסט; 2. וואקאנט, פערלאזען, ניט פערנומען, אונבעזעצט; אהן א בעל הבית; 3. וואס מאנגעלט, וואס האט ניט; 4. נוצלאז, אומזיסט; אהן ווירקונג; 5. ניט בינדענד, בטל, געזעצליך אונגילטיג; 6. א לעדיגער אָרט, א לעערער רוים; אן אָפענער פּלאץ, אן עפנונג; 7. פערלאזען; מאכען וואקאנט; 8. אבריינינגען, בעפרייען פון...; אויסלעדיגען; 9. ארויסלאזען פון זיך, זיך אויסלעדיגען; האבען שטוהלגאנג; משתין זיין; 10. מבטל זיין, מאכען אונגילטיג.
4. My word shall not return to me **void**, but it shall accomplish that which I please. 5. Fraud makes a contract **void**. 6. His death left an aching **void** in the family.
void'able *a.* (וואי'-דעבל) וואס קען פערלאזען ווערען אדער אבגעלעדיגט ווערען; וואס מען קען מבטל זיין אדער מאכען אונגילטיג.
voi'dance *n.* (וואי'-דענס) אויסלעדיגונג, אויסלעערונג; בעפרייאונג פון...; דאס פטור ווערען פון...; א לעדיגער אָרט אדער שטעלע, א וואקאנץ; ארויסווארפונג פון אן אמט.
voi'ded *a.* (וואי'-דעד) וואס האט א לעדיגען אָרט אדער עפנונג; דורכגעלעכערט.
voi'der *n.* (וואי'-דער) א טיש־קארב אדער טאץ, אין וועלכער מען לעגט די געשיר אוז איבערגעבליבענע זאכען פון עסען ריין צו מאכען דעם טיש; איינער וואס מאכט לעער; אן אויסלעדיגער; איינער וואס פערלאזט אדער לעדיגט אב א פּלאץ.
void for uncer'tainty (וואיד פאָר אנ-סויר'-טען-טי) אונגילטיג צוליעב אונקלארקייט [ווענען א געזעצליכען דאָקומענט].
voi'ding *n.* (וואי'-דינג) אבלעדיגונג; אויסלעדיגונג; פערלאזונג, דאס מאכען וואקאנט [א שטעלע]; דאס אבגעלעדיגטע, דאס אבגעברייניגטע; שיריים, א רעשטעל, א שטיקעל, א פראגמענט.
void'ly *adv.* (וואיד'-לי) מיט פּוסטקייט, מיט לעערקייט; אונגילטיג; אהן ווירקונג, נוצלאז, אומזיסט.
void'ness *n.* (וואיד'-נעס) לעערקייט, לעדיגקייט, פּוסטקייט; פערלאזענקייט; אונגילטיגקייט; דאס ניט האבען קיין ווירקונג, נוצלאזיגקייט, אומזיסטיגקייט.
void space (וואיד ספּייס) א וואקואום, א לעדיגער רוים. ז. *vacuum*.
voi'vode *n.* (וואי'-וואוד) א וואיעוואדא, א קריענס־פיהרער; א שטאטהאלטער פון א פּראָווינץ [אין איינינע סלאווישע לענדער], א מאלדאווישער אדער וואלאכישער הערשער, א טערקישער אדמיניסטראַטיווער בעאמטער.
voi'vodeship *n.* (וואי'-וואוד-שיפּ) דאס אמט אדער מאכט פון א וואיעוואדא. ז. *voivode*.
vol. אבקירצונג פון *volume*.
vo'la *n.* (וואו'-לא) די אויסהוילונג פון דער האנד אדער פון דעם פוס, די האנדפלעכע, די דלאניע.
vol'able *a.* (וואל'-עבל) מיט א שארפען אדער פלינקען מח, מיט א שנעלער תפיסה.
vola'cious *a.* (ווא-ליי'-שאס) וואס קען פליהען, פליהענד.
vo'læ *n.* (וואו'-ליע) די אויסהוילונגען פון די פיס אדער פון די הענד, הענד־פלעכען. ז. *vola*.
vo'lant *a. and n.* (וואו'-לענט) פליהענד; לעבהאפט, לעבעדיג, מונטער; לייכט; שנעל, געשווינד; א קרויזעל אדער פאלד [פון א קלייד, ציר, פאָרהאנג א. ז. וו.].
volan'te *n.* (ווא-לענ'-טע) אזא שפּאניש־אמעריקאנישער צוויי־רעדערדיגער וואגען.
Volapük' *n.* (וואו-לא-פּיק') וואלאפּיק אדער וואלאפּיוק [א קינסטליכע שפּראך בעשטימט פאר אינטערנאציאנאלען געברויך, ערפונדען ארום יאהר 1879 פון יאהאן מארטין שלייער פון קאנסטאנץ, באדען].
Volapük'ist *n.* (וואו-לא-פּיק'-איסט) א וואלאפּיקיסט, א קענער אדער אנהעננער פון וואלאפּיק [א קינסטליכע שפּראך בעשטימט פאר אינטערנאציאנאלען געברויך].
vo'lar *a.* (וואו'-לאר) וואס איז שייך צו דער האנד־פלעכע אדער דאלאניע.
vola'ta *n.* (ווא-לא'-טא) א רולאדע, א שנעלע פאלגערונג פון טענער.
vol'atile *a. and n.* (וואל'-ע-טיל) 1. וואס ווערט שנעל אויסגעדונסטעט אדער אויסגעוועפט; לופטיג; וואס געהט אוועק מיט דער לופט, וואס מישט זיך אויס מיט דער לופט; 2. לעבעדיג, מונטער; 3. פערענדערליך, אונבעשטענדיג; לייכטזיניג; ניט געזעצט; 4. פאריבערגעהענד, וואס דויערט ניט לאנג; 5. ווילדעס געפליגעל, געוויליד, ווילדע פויגלען.
3. His **volatile** disposition is the cause of his failure.
vol'atile al'kali (וואל'-ע-טיל על'-קעל-אי) אמאניאק, שטינק־ספּיריטוס, חלשות־טראָפּען, יום כפור־טראָפּען. ז. *ammonia*.

vol'atileness *n.* (וואל'-ע-טיל-נעס) ז. *volatility*

vol'atile oil (וואל'-ע-טיל איל) עטהער=אויל.

vol'atile salt (וואל'-ע-טיל סאהלט) הירש=הארן=זאלץ אדער קויהלען=זויערע אמאניאק. ז. *ammonia*

vol'atilisable *a.* (וואל'-ע-טי-לאי-זעבל) ז. *volatilizable*

volatilisa'tion *n.* (וואל-ע-טיל-אי-זיי'-שאן) ז. *volatilization*

vol'atilise *v.* (וואל'-ע-טיל-איז) ז. *volatilize*

volatil'ity *n.* (וואל-ע-טיל'-אי-טי) פליהיגקייט, פעהיגקייט צו פליהען; פעהיגקייט זיך אויסצואוועפען, זיך אויסצודונסטען אדער פערשווינדען אין דער לופט; ניט געזעצטקייט, פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט; לייכטזיניגקייט.

vol'atilizable *a.* (וואל'-ע-טי-לאי-זעבל) וואס קען זיך אויסוועפען אדער אויסדונסטען.

volatiliza'tion *n.* (וואל-ע-טיל-אי-זיי'-שאן) אויסוועפונג; אויסדונסטונג.

vol'atilize *v.* (וואל'-ע-טיל-איז) אויסוועפען; אויסדונסטען; זיך אויסוועפען; זיך אויסדונסטען.

vola'tion *n.* (ווא-ליי'-שאן) פליהונג; פליהונגס=פעהיגקייט.

vola'tional *a.* (ווא-ליי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פליהונג אדער צו פליהונגס=פעהיגקייט.

vola'tor *n.* (ווא-ליי'-טאר) עטוואס וואס פליהט; א פליהענדער פיש.

volcan'ic *a.* (וואל-קענ'-איק) וואולקאניש, וואס איז שייך צו א וואולקאן אדער פייער=שפייענדען בארג.

volcan'ically *adv.* (וואל-קענ'-אי-קעל-אי) וואולקאניש, ווי א וואולקאן אדער פייער=שפייענדער בארג; פייער=שפייענד; פייעריג, עקספלאדירענד.

volcan'ic bombs (וואל-קענ'-איק באמז) וואולקאנישע באמבעס, קיילעכדיגע מאסען לאווא וואס ווערען ארויסגעשליידערט פון א פייער=שפייענדען בארג. ז. *lava*

volcan'ic fo'cus (וואל-קענ'-איק פאו'-קאס) דער צענטער אדער מיטעלפונקט פון וואולקאנישער טעטיגקייט.

volcan'ic glass (וואל-קענ'-איק גלעס) אבזידיאן, גלאזארטיגע לאווא. ז. *obsidian*

volcanic'ity *n.* (וואל-קענ-איס'-אי-טי) ז. *volcanism*

volcan'ic mud (וואל-קענ'-איק מאד) אש פון א פייער=שפייענדען בארג געמישט מיט וואסער.

vol'canism *n.* (וואל'-קע-ניזם) וואולקאניזם, וואולקאנישע טהעטיגקייט, וואולקאנישע ערשיינונגען.

vol'canist *n.* (וואל'-קע-ניסט) א וואולקאנען=קענער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום פון וואולקאנען.

volcan'ity *n.* (וואל-קענ'-אי-טי) וואולקאנישקייט, דאס זיין וואולקאניש, דאס ענטשטעהען פון וואולקאנישער טהעטיגקייט.

volcaniza'tion *n.* (וואל-קענ-אי-זיי'-שאן) וואולקאניזאציאן, ווירקונג פון וואולקאנישער היץ, דאס זיין אונטער דער ווירקונג פון וואולקאנישער היץ.

vol'canize *v.* (וואל'-קענ-איז) וואולקאניזירען, אונטערווארפען אונטער דער ווירקונג פון וואולקאנישער היץ.

volca'no *n.* (וואל-קיי'-נאו) א וואולקאן, א פייער=שפייענדער בארג [ז. איל.]; אזא פייערווערק.

Volcano

volcanolog'ical *a.* (וואל-קיי-נא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען וואולקאנען [פייער=שפייענדע בערג] אדער וואולקאנישער טהעטיגקייט.

volcanol'ogy *n.* (וואל-קיי-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען וואולקאנען [פייער=שפייענדע בערג] און וואולקאנישער טהעטיגקייט.

volca'no-ship *n.* (וואל-קיי'-נאו-שיפ) א שיף אנגעלאדען מיט עקספלאדירענדע שטאפען [צו אטאקירען א פיינדליכע שיף אדער א פיינדליכען האפען].

vole *n.* (וואול) א פעלד=מויז; אלע שטיכען, אלע קארטען [די איננעהמונג פון אלע קארטען מיט איין טרומפף=קארט].

vo'lens no'lens (וואו'-לענז נאו'-לענז) ווילענדיג צו ניט=ווילענדיג. ז. *nolens volens*

vol'ery *n.* (וואל'-ע-רי) א פויגעל=הויז, א גרויסע פויגעל=שטייג; א מחנה פויגלען; די פויגלען אין א פויגעל=הויז.

vol'itable *a.* (וואל'-אי-טעבל) ז. *volatilizable*

vol'itant *a.* (וואל'-אי-טענט) פליהענד; וואס קען פליהען.

vol'itate *v.* (וואל'-אי-טייט) פלאטערען, פליהען.

volita'tion *n.* (וואל-אי-טיי'-שאן) דאס פלאטערען, דאס פליהען.

volita'tional *a.* (וואל-אי-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פלאטערען אדער פליהען.

voli'tion *n.* (ווא-ליש'-אן) דאס ווילען; דער ווילען, די ווילענס=קראפט, די טהעטיגקייט פון ווילען.

voli'tional *a.* (ווא-ליש'-אנ-על) וואס איז שייך צום ווילען אדער צו דער ווילענס=קראפט.

voli'tionally *adv.* (ווא-ליש'-אנ-על-אי) מיט דעם ווילען, מיט דער קראפט פון ווילען.

voli'tionary *a.* (ווא-ליש'-אנ-ע-רי) ז. *volitional*

voli'tionless *a.* (ווא-ליש'-אנ-לעס) אהן ווילענס=קראפט.

vol'itive *a.* (וואל'-אי-טיוו) וואס איז שייך צום ווילען אדער ווילענס=קראפט; וואס שטאמט פון דעם ווילען; וואס האט א ווילענס=קראפט; אין רעטאריק — וואס דריקט אויס א וואונש אדער ערלויבניס.

vol'ley *n. and v.* (וואל'-אי) א זאלפ [א שאס פון פיעל געוועהר מיט אמאל]; א האגעל [פון קוילען אדער פיילען]; אן אויסברוך [ווי פון אפלאדיסמענטען]; א שטראם [ווי פון ווערטער]; אין לאון=טעניס=שפיעל — דאס צוריקשלאגען דעם באל איידער ער פאלט צום באדען; געבען א זאלפ; אויסגעשאסען ווערען אין א זאלפ; אויספלאצען, אויסברעכען; שטראמען; אין לאון=טעניס=שפיעל — צוריקשלאגען דעם באל איידער ער פאלט צו דער ערד.

vol'leyed *a.* (וואל'-איד) אויסברעכענד, אויספלאצענד.

Vols. אן אבקירצונג פון *volumes*

Vol'scian *a. and n.* (וואל'-שיען) וואלסקיש, וואס איז שייך צו די וואלסקען; א וואלסקער, איינער פון די וואלסקען [א פאלק אין פארצייטיגען איטאליען וואס האט זיך ענדליך אויסגעמישט מיט דער לאטיינישער ראסע]; די וואלסקישע שפראך.

volt *n.* (וואולט) א וואלט [אן איינהייט צו מעסטען עלעקטרישע שפאנונג אדער עלעקטראמאטארישע קראפט]; א פלעצליכע בעוועגונג אדער שפרונג ביים פעכטען אויסצומיידען דעם געגנער'ס שווערד; א רונד=גאנג פון א פערד אין א מאנעזש.

vol'ta *n.* (וואול'-טא) אזא אלטער טאנץ; אין מוזיק — מאל [ווי *una volta*, איין מאל, *due volta*, צוויי מאל א. ז. וו.].

vol'ta-elec'tric *a.* (וואל'-טא-ע-לעק'-טריק) גאלוואניש, וואס איז שייך צו גאלוואנישער עלעקטריציטעט. ז. *galvanism*

vol'ta-electrom'eter *n.* (וואל'-טא-ע-לעק-טראמ'-ע-טער) א וואלטאמעטער. ז. *voltameter*

volt'age *n.* (וואולט'-עדזש) די צאהל וואלט, די עלעקטראמאטארישע קראפט אויסגעדריקט אדער געמאסטען אין וואלט. ז. *volt*

voltag'raphy *n.* (וואל-טעג'-רע-פי) גאלוואנאגראפיע [דאס קאפירען אדער גראווירען אויף מעטאל דורך אן עלעקטראליטישען פראצעס].

volta'ic *a.* (וואל-טיי'-איק) וואלטאאיש, וואס איז שייך צו וואלטא [דער בעריהמטער איטאליענישער פיזיקער — געבארען אין 1745, געשטארבען אין 1827 — וועלכער האט ענטדעקט די ענטשטעהונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך דער כעמישער ווירקונג וואס ווערט ארויסגערופען ביי דער בעריהרונג פון צוויי פערשיעדענע מעטאל=פלאטען].

volta'ic arc (וואל-טיי'-איק ארק) א וואלטאאישער ליכט=בויגען [דער עלעקטרישער ליכט=בויגען צווישען די צוויי קויהלען=שטיפטען אין די גרויסע עלעקטרישע לאמפען].

volta'ic bat'tery (וואל-טיי'-איק בעט'-ער-אי) א וואלטאאישע אדער גאלוואנישע באטאריי. ז. *galvanic battery*

volta'ic cur'rent (וואל-טיי'-איק קאר'-ענט) א וואלטאאישער אדער גאלוואנישער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט פראדוצירט פון א גאלוואנישער באטאריי. ז. *galvanic battery*].

volta'ic pen'cil (וואל-טיי'-איק פענ'-סיל) א וואלטאאישער אדער גאלוואנישער שטיפט [א מעטאל=שטיפט דורך וועלכען

עס פליסט אן עלעקטרישער שטראם און ווערט בענוצט צום גראווירען אין מעטאל].

volta'ic pile (וואל-טיי'-איק פאיל) א וואלטאאישע אדער גאלוואנישע זיילע. ז. *galvanic battery*

Voltair'ean *a.* (וואל-טעהר'-אי-ען) וואלטעריאניש. ז. *Voltairian*

Voltair'ian *a. and n.* (וואל-טעהר'-אי-ען) וואס איז שייך צו וואלטער [דער בעריהמטער פראנצויזישער דענקער און שרייבער וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון די פרייהייטס-אידעען אם ענדע פון 18טען יאהרהונדערט]; וואלטעריאניש, לויט דער ארט שרייבען פון וואלטער; א וואלטעריאנער [אן אנהענגער פון וואלטער'ס פרינציפען].

Voltair'ianism *n.* (וואל-טעהר'-אי-ען-איזם) וואלטעריאניזם; די פרינציפען אדער האנדלונגען פון א וואלטעריאנער; דער גייסט, פילאזאפיע אדער לעהרע פון וואלטער; וויציגער און שפאטענדער סקעפטיציזם. ז. *Voltairian*

Voltair'ism *n.* (וואל-טעהר'-איזם) ז. *Voltairianism*

vol'taism *n.* (וואל'-טע-איזם) וואלטאאיזם, דער טייל פון פיזיק וואס פערנעהמט זיך מיט דער שאפונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך דער כעמישער ווירקונג וואס ווערט ארויסגערופען ביי דער בעריהרונג פון פערשיעדענע מעטאלענע פלאטען אדער ווען זיי ווערען איינגעטונקט אין א פליסיגקייט.

voltam'eter *n.* (וואל-טעמ'-ע-טער) א וואלטאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם דורך זיין עלעקטראליטישער ווירקונג [ד. ה. נאך דער מאס קופער אדער אנדער מעטאל וואס ער לעזט אויף אין א בעשטימטער צייט-איינהייט].

voltamet'ric *a.* (וואל-טע-מעט'-ריק) וואלטאמעטריש, וואס איז שייך צו א וואלטאמעטער אדער צו זיין געברויך.

volt'-am'meter *n.* (וואולט'-עמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען קען מעסטען די שפאנונג און די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם, א וואטמעטער. ז. *wattmeter*

volt'-ampere' *n.* (וואולט'-עמ-פעהר') א וואלט-אמפער, א וואט [אן איינהייט צו מעסטען די ארבייט אדער ווירקונג פון אן עלעקטרישען שטראם]. ז. *watt*

vol'taplast *n.* (וואל'-טע-פלעסט) א גאלוואנאפלאסטישער אפאראט [אזא עלעקטרישע באטאריי, וועלכע ווערט בענוצט פאר עלעקטרישע גראווירונגען].

Vol'ta's pile (וואל'-טאז פאיל) א וואלטאאישע זיילע. ז. *galvanic battery*

vol'tatype *n.* (וואל'-טע-טאיפ) ז. *electrotype*

volt'-coulomb' *n.* (וואולט'-קוה-לאם') ז. *joule*

vol'te *n.* (וואול'-טע) מאל [מעהרצאהל פון *volta*].

volte-face' *n.* (וואולט-פאס') אן אומענדערונג פון פראנט; א פלעצליכע אומענדערונג פון פרינציפען, טאקטיק אדער פאליטיק.

volt-face' *n.* (וואולט-פיים') ז. *volte-face*

vol'ti *v.* (וואול'-טי) אין מוזיק — מיש איבער [דאס בלאט].

vol'tiger *n.* (וואל'-טי-דזשער) ז. *voltigeur*

voltigeur' *n.* (וואל-טי-זשויר') א שפרינגער, אן אקראבאט; א וואלטיזשער [א לייכט-בעוואפענטער אינפאנטעריע-סאלדאט אין דער פראנצויזישער ארמעע].

vol'ti su'bito (וואול'-טי סוה'-בי-טאו) אין מוזיק — מיש איבער שנעל [דאס בלאט].

volt'-me'ter *n.* (וואולט'-מי'-טער) א וואלטאמעטער, אן אפאראט צו מעסטען די שפאנונג פון אן עלעקטרישען שטראם.

vol'ubilate *a.* (וואל'-יו-בי-לייט) אין באטאניק — קלעטערענד, קריכענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען [וועגען א פלאנצע].

vol'ubile *a.* (וואל'-יו-ביל) ז. *volubilate*

volubil'ity *n.* (וואל-יו-ביל'-אי-טי) פליסיגקייט, געלויפיגקייט, לייכטקייט, גלאטקייט [אין ריידען]; פלוידעריי; דרעהבארקייט, דאס דרעהען זיך; פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט.

vol'uble *a.* (וואל'-יובל) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]; פלאפלעריש, פלוידעריש; וואס קען זיך לייכט דרעהען אדער ראלען; זיך דרעהענד, ראלענד; אין באטאניק — קלעטערענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען.

vol'ubleness *n.* (וואל'-יובל-נעס) ז. *volubility*

vol'ubly *adv.* (וואל'-יו-בלי) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]

vol'ucrine *a.* (וואל'-יו-קרין) וואס איז שייך צו פויגלען, פון פויגלען; פויגעלעהנליך.

vol'ume *n. and v.* (וואל'-יום) א בוך, א באנד; א ראלע [פון פארמעט, פאפירוס אדער קארע, אויף וואס אמאליגע מאנוסקריפטען פלעגען זיך שרייבען], א מגילה; אן אבגערונדעטע, צונויפגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסע, א קנויל, א ספיראלע; דאס וואלומען, דער אומפאנג, די גרויס, די מאסע; די צאהל פון קובישע איינהייטען [מעטרען, יארדען א. ד. ג.] וועלכע עס ענטהאלט אין זיך א סאלידער קערפער; אין מוזיק — דער אומפאנג, רונדקייט אדער פולקייט פון טאן זיך פאנאנדערוואקסען, ווערען גרעסער אין אומפאנג.

vol'umed *a.* (וואל'-יומד) קנויל-פערמיג, ספיראל-פערמיג; וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסען; מאסיוו, סאליד, שווער; וואס ענטהאלט [א געוויסע צאהל] בענדער.

volumenom'eter *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טער) א וואלומענאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א פעסטען קערפער דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם פעסטען קערפער, ווען ער ווערט אריינגעלעגט אין דער פליסיגקייט]

volumenom'etry *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טרי) דאס מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א פעסטען קערפער מיט דער הילף פון א וואלומענאמעטער. ז. *volumenometer*

vol'umes of air (וואל'-יומז אוו עהר) לופט-מאסען.

vol'umeter *n.* (וואל'-יו-מי-טער) אין כעמיע און פיזיק — א גאז-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א גאז דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם גאז, ווען ער ווערט אריינגעלאזען אין א גראדואירטער גלאז-רעהר וועלכע איז אנגעפילט מיט דער פליסיגקייט]. ז. *graduated tube*

volumet'ric *a.* (וואל-יו-מעט'-ריק) וואס איז שייך צום מעסטען פון דעם רוים-אינהאלט.

volumet'rical *a.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל) ז. *volumetric*

volumet'rically *adv.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל-אי) דורך א מאס-אנאליזע אדער טיטרירונג. ז. *titrate*

volumet'ric anal'ysis (וואל-יו-מעט'-ריק ע-נעל'-אי-סיס) א מאס-אנאליזע, טיטרירונג. ז. *titrate*

volumet'ric in'strument (וואל-יו-מעט'-ריק אינ'-סטרו-מענט) א טיטריר-אפאראט. ז. *titrate*

volu'minal *a.* (ווא-ליו'-מי-נעל) וואס איז שייך צו אומפאנג, גרויס אדער מאסע.

voluminos'ity *n.* (ווא-ליו-מי-נאס'-אי-טי) גרויסקייט; דיקקייט; לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; פיעל-בענדערדיגקייט [וועגען ביכער].

volu'minous *a.* (ווא-ליו'-מי-נאס) גרויס; פיעל-בענדערדיג, וואס בעשטעהט פון פיעל בענדער; וואס האט פיעל געשריבען, זעהר פראדוקטיוו; פאנאנדערגעצויגען, לאנג.

volu'minously *adv.* (ווא-ליו'-מי-נאס-לי) אויף א לאנגען אדער פאנאנדערגעצויגענעם שטייגער; אין גרויסער צאהל אדער מאסע.

volu'minousness *n.* (ווא-ליו'-מי-נאס-נעס) לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; גרויסקייט, דיקקייט, גרויסקייט אין אומפאנג.

vol'untarily *adv.* (וואל'-אנ-טע-רי-לי) פרייוויליג; פון זיך זעלבסט.

vol'untariness *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-נעס) פרייוויליגקייט.

vol'untary *a. and n.* (וואל'-אנ-טע-רי) פרייוויליג; זעלבסטשטעהטיג; פריי האנדלענד; וואס האט א פרייען ווילען; וואס איז פריי צו האנדלען לויט זיין אייגענעם ווילען; וואס איז קאנטראלירט אדער רעגולירט פון דעם ווילען; אבזיכטליך, בעאבזיכטיגט [ניט צופעליג]; וואס איז שייך צו דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט; אן אנהענגער פון דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט [ז. *voluntary principle*]; א פרייווילינגער; א פרייוויליגע ארבייט; א סאלא וואס ווערט געשפיעלט פון אן ארגעל אין א קירך ביי א גאטעסדיענסט.

vol'untary a'gent (וואל'-אנ-טע-רי איי'-דזשענט) ז. *free agent*

vol'untary contribu'tions (וואל'-אנ-טע-רי קאנ-טרי-ביו'-שאנז) פרייוויליגע בייטרעגע, נדבות.

vol'untaryism *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איזם) ז. *voluntary principle*

vol'untaryist *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איסט) אן אנהענגער פון פרייוויליגקייט [הויפטזעכליך אין רעליגיאן]. ז. *voluntary principle*

vol'untary parti'tion (וואל'-אנ-טע-רי פאר-טיש'-אן) א פאנאנדערטיילונג פון לאנד וואס ווערט געמאכט דורך געגענזייטיגער איינשטימונג פון די יורשים אהן א געריכטס-פראצעס.

vol'untary prin'ciple (וואל'-אנ-טע-רי פרינ'-סיפל) דער פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט

[דער פרינציפ אז רעליגיעזע אינסטיטוציאנען אדער בילדונגס־אנשטאלטען דארפען אויסגעהאלטען ווערען ניט פון דעם שטאאט, נאר פון פרייוויליגע בייטרעגע פון די געמיינדע־מיטגליעדער].

vol'untary school (וואל'־אנ־טע־רי סקוהל) אן עלעמענטארע שול אין ענגלאנד וועלכע ווערט אונטערשטיצט פון פרייוויליגע בייטרעגע און ווערט געווענליך אנגעפיהרט פון א רעליגיעזער קערפערשאפט.

vol'untary sys'tem (וואל'־אנ־טע־רי סיס'־טעם) ז. *voluntary principle*

volunteer' *n., a. and v.* (וואל־אנ־טיער') א פרייוויליגער; א וואלאנטער; אין געזעץ — איינער וואס קריגט בעזיץ־רעכט אויף אייגענטום אהן א געגענבעלוינונג פון זיין זייט; פרייוויליג, וואס דיענט פרייוויליג; וואס בעשטעהט פון פרייוויליגע; געבען אדער לייסטען פרייוויליג, מנדב זיין; זיך פרייוויליג אנשלאגען, זיך אנבאטען; דיענען אלס פרייוויליגער.

volunteer' com'pany (וואל־אנ־טיער' קאמ'־פע־ני) א ראטע פרייוויליגע סאלדאטען.

volup'tuary *a. and n.* (וואל־לאפ'־טשו־ע־רי) וואס איז שייך צו לוקסוס אדער תאוה; וואס העלפט ענטוויקלען לוקסוס אדער תאוה'דיגע פערגניגענס; תאוה'דיג; א בעל־תאוה.

voluptuos'ity *n.* (וואל־לאפ־טשו־אס'־אי־טי) ז. *voluptuousness*

volup'tuous *a.* (וואל־לאפ'־טשו־אס) תאוה'דיג; וואס דערוועקט תאוה; וואס איז פערבראכט אדער פערשוועגדעט אין תאוות אדער לוקסוס.

volup'tuously *adv.* (וואל־לאפ'־טשו־אס־לי) אויף א תאוה'דיגען אופן; אין לוקסוס, אין פערגניגענס.

volup'tuousness *n.* (וואל־לאפ'־טשו־אס־נעס) תאוה'דיגקייט; דאס פערברייגען אין לוקסוס, פערגניגענס אדער תאוה.

voluta'tion *n.* (וואל־יו־טיי'־שאן) וואלצונג, קייקלונג.

volute' *n.* (וואל־ליוט') אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אויף'ן קאפ פון א זייל אין דער פארם פון א ספיראלע; אזא מאלוסקעל־טהיער וואס ליעגט אין א ספיראל־פערמיגען מושעל.

Volute

volute'-spring *n.* (וואל־ליוט'־ספרינג) א מעטאלענע פרוזשינע וואס איז געוויקעלט ווי א ספיראלע אין דער פארם פון א קאנוס.

Volute-spring

vol'vulus *n.* (וואל'־ווי־לאס) צוזאמענדרעהונג פון די געדערים וואס פעראורזאכט זייער פערשליסונג אדער פערשפארונג.

vom'ic *a.* (וואמ'־איק) מיט מאטעריע, אייטערדיג.

vom'ica *n.* (וואמ'־אי־קא) אן אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין דער לונג, וואס ווערט פעראורזאכט פון א קראנקהייט און ענטהאלט מאטעריע אדער אייטער.

vom'ic-nut *n.* (וואמ'־איק־נאט) ז. *vomit-nut*

vom'it *v. and n.* (וואמ'־איט) ברעכען, מייקענען; אויסברעכען, אויסמייקענען; ארויסשטויסען פון זיך מיט גוואלט, אויסשפייען, ארויסווארפען [ווי פ־אמען, רויך אדער אש]; ארויסגעשטויסען ווערען מיט גוואלט, ווערען אויסגעשפיגען אדער ארויסגעווארפען; דאס אויסגעבראכענע; א ברעך־מיטעל; דאס ברעכען, דאס מייקענען.

vom'iting *n.* (וואמ'־אי־טינג) דאס ברעכען, דאס מייקענען; דאס אויסגעבראכענע.

vom'itingly *adv.* (וואמ'־אי־טינג־לי) ווי אויסברעכענדיג, ווי אויסמייקענדיג.

vomi'tion *n.* (וואמ־מיש'־אן) דאס ברעכען, דאס מייקענען.

vom'itive *a.* (וואמ'־אי־טיוו) וואס רופט ארויס ברעכען.

vom'itive po'tion (וואמ'־אי־טיוו פאו'־שאן) א ברעך־געטראנק, א ברעך־מיטעל.

vom'it-nut *n.* (וואמ'־איט־נאט) די יאדרע אדער קערנדעל פון דעם ברעך־נוס. ז. *nux vomica*

vom'ito *n.* (וואמ'־אי־טאו) דאס געלע פיבער, דאס געלע קדחת.

vom'itory *a. and n.* (וואמ'־אי־טא־רי) וואס רופט ארויס ברעכען; א ברעך־מיטעל; אין אלט־רוימישער ארכיטעקטור — א הויפט־אריינגאנג אין א טעאטער אדער אמפיטעאטער.

vomituri'tion *n.* (וואמ־אי־טיו־ריש'־אן) אומזיסטע אנשטרענגונג צו ברעכען; דאס אויסמייקענען א ביסעל; דאס מייקענען מיט קליינער אנשטרענגונג.

voodoo' *n., a. and v.* (וואוה־דוה') וואודואיזם; איינער וואס פראקטיצירט וואודואיזם; וואס איז שייך צו וואודואיזם; פראקטיצירען וואודואיזם. ז. *voodooism*

voodoo'ism *n.* (וואוה־דוה'־איזם) וואודואיזם, כשוף, לחשים און פערשיעדענע אבערגלויבערישע צערעמאניעס וואס ווערען פראקטיצירט ביי די אינדיאנער פון דרום־אמעריקא און אויך ביי די דארטיגע קרעאלען און נעגערס.

vora'cious *a.* (ווא־ריי'־שאס) פרעסעריש, פרעסגיעריג; זשערנע; רויבעריש, רויבגיעריג; וואס איז גרייט איינצושלינגען [ווי א שטראם].

vora'ciously *adv.* (ווא־ריי'־שאס־לי) אויף א פרעסערישען אופן; מיט זשערנעקייט; מיט אן אונגעהייערען אפעטיט.

vora'ciousness *n.* (ווא־ריי'־שאס־נעס) פרעסערישקייט, פרעס־גיעריגקייט; זשערנעקייט.

vorac'ity *n.* (ווא־ראס'־אי־טי) ז. *voraciousness*

vorag'inous *a.* (ווא־רעדזש'־אי־נאס) איינשלינגענד; אויפפרעסענד; וואס איז שייך צו א שטארקען שטראם, אבגרונד אדער ווירבעל־שטראם.

vora'go *n.* (ווא־ריי'־גאו) אן אבגרונד, א תהום, א שלונד.

vor'tex *n.* (וואהר'־טעקס) א ווירבעל־שטראם [א מאסע וואסער אדער אנדער פליסיגקייט, וואס דרעהט זיך זעהר שנעל קרייז־פערמיג, אויסבילדענדיג א פערטיעפונג אין דער פארם פון א לייקע, אין וועלכער עס ווערט אריינגעצויגען יעדע זאך, וואס קומט מיט איהר אין נאהענטער בעריהרונג]; אין פיזיק — א טייל פון א פליסיגקייט, וואו יעדעס טיילכעלע מאכט א קרייז־פערמיגע בעוועגונג; יעדע בעוועגונג וואס איז עהנליך צו א ווירבעל־שטראם; א ווירבעל־ווינד.

vor'tex-wheel *n.* (וואהר'־טעקס־הוויעל) א טורבינע. ז. *turbine*

vor'tical *a.* (וואהר'־טי־קעל) ווירבלענד; וואס דרעהט זיך אין דער פארם פון א ווירבעל־שטראם. ז. *vortex*

vor'ticel *n.* (וואהר'־טי־סעל) א ווירבעל־חיה'לע [א מין אינפוזאריע].

vor'ticell *n.* (וואהר'־טי־סעל) ז. *vorticel*

vorti'cial *a.* (וואהר־טיש'־על) ז. *vortical*

vor'ticose *a.* (וואהר'־טי־קאוס) ז. *vortical*

vortig'inous *a.* (וואהר־טידזש'־אי־נאס) וואס בעוועגט זיך קרייז־פערמיג ווי א ווירבעל־שטראם.

vo'taress *n.* (וואו'־טע־רעס) א שטארקע אנהענגערין פון עפעס; א פערעהרערין, א פערגעטערין.

vo'tarist *n.* (וואו'־טע־ריסט) ז. *votary*

vo'tary *a. and n.* (וואו'־טע־רי) געווידמעט צו עפעס; איינגעווייהט; איינער וואס גיט זיך שטארק איבער צו עפעס; א שטארקער אנהענגער פון עפעס; א פערעהרער, א פערגעטערער.

vota'tion *n.* (ווא־טיי'־שאן) דאס שטימען, דאס אבגעבען די שטימע.

vote *n. and v.* (וואוט) דער וואטום, די וואהל־שטימע; דאס שטימען, די אבשטימונג; די ענטשיידונג פון א געוויסער פראגע דורך א מעהרהייט פון שטימען; באלאטירען, וואטירען, שטימען, אבגעבען די שטימע; ערוועהלען איינעם אדער ענטשיידען עפעס דורך א מעהרהייט שטימען; האבען וואהלרעכט.

vote a straight tick'et (וואוט ע סטרייט טיק'־עט) שטימען פאר דער גאנצער ליסטע קאנדידאטען, וועלכע א געוויסע פארטיי האט ארויסגעשטעלט.

vote by prox'y (וואוט באי פראק'־סי) דאס שטימען דורך א שטעלפערטרעטער.

vote down (וואוט דאון) נידערשטימען; פערווארפען [א פארשלאג] דורך אן אבשטימונג; מאכען א סוף צו עפעס.

vote in (וואוט אין) ערוועהלען דורך אן אלגעמיינער אבשטימונג.

He was voted in by a handsome majority.

vote'less *a.* (וואוט'־לעס) אהן שטים־רעכט.

vote of thanks (וואוט אוו טהענקס) אן אלגעמיינע אבשטימונג צו בעדאנקען איינעם פאר זיין טהעטיגקייט אדער גוטע דיענסטע.

vo'ter *n.* (וואו'־טער) א שטים־געבער; איינער וואס האט שטים־רעכט אדער דאס רעכט צו וועהלען.

vote'-recor'der *n.* (וואוט־רי־קאהר'־דער) אן עלעקטרישער אפאראט, וואס פערצייכענט די שטימען פאר און געגען.

vote straight (וואוט סטרייט) ז. *vote a straight ticket*

vo'ting *n.* (וואו'־טינג) דאס שטימען.

vo'ting-machine' *n.* (וואו'־טינג־מע־שין') אזא מאשין וואס דיענט צו פערצייכנען און צוזאמענרעכנען די שטימען וואס זיינען אבגעגעבען געווארען ביי די וואהלען.

vo'ting-pa'per *n.* (וואו'־טינג־פיי'־פער) א שטים־צעטעל.

vo'tive *a.* (וואו'־טיוו) געווידמעט; געהייליגט צו; געווייהט; וואס איז פערשפראכען געווארען אדער געגעבען געווארען לויט א נדר.

vo'tively *adv.* (וואו'־טיוו־לי) דורך א נדר; לויט א פייערליכער פערשפרעכונג.

vo'tive mass (וואו'־טיוו מעס) א תפילה אין קירך, וועלכע ווערט פערפאסט פון גלח צוליעב א ספעציעלער זאך.

vo'tiveness *n.* (וואו'־טיוו־נעס) דאס

זיין געהייליגט, געווידמעט, געוויהט אדער פערשפראכען דורך א נדר.

vo'tive of'fering (וואו'-טיוו אפ'-ער-אינגג) א טאבלעט, א בילד אדער סטאטוע וואס ווערט געווידמעט פאר א געוויסען היילינען אין א קירך.

vouch *v. and n.* (וואוטש) בעווייזען, בעשטעטיגען; בעקרעפטיגען; גאראנטירען, דיענען אלס גאראנטיע אדער זיכערונג; זיין אן עדות פאר עפעס; אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — ארויסרופען איינעם צום געריכט, אז ער זאל צייגען אדער בעשטעטיגען זיין רעכט אויף עפעס; א צייגנים, א בעשטעטיגונג; א גאראנטיע פאר עפעס.

vouchee' *n.* (וואו-טשיע') איינער וואס ווערט גערופען אלס עדות צו בעשטעטיגען א געוויסעס רעכט.

vou'cher *n.* (וואו'-טשער) אן ערב, א גאראנטירער; א גאראנטיע, א צייגנים; עטוואס וואס דיענט צו גאראנטירען אדער בעשטימען עפעס; אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — איינער וואס רופט א צווייטען אין געריכט, אז ער זאל בעשטעטיגען דעם ערשטענס רעכט אויף עפעס.

vouch'ment *n.* (וואוטש'-מענט) א בעשטעטיגונג, א צייגנים, א פערזיכערונג.

vou'chor *n.* (וואו'-טשאר) אין אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — איינער וואס רופט א צווייטען אין געריכט, אז ער זאל בעשטעטיגען דעם ערשטענס רעכט אויף עפעס.

vouchsafe' *v.* (וואוטש-סייף') ערלויבען; נאכגעבען; ווירדיגען, צוליעב טהאן.

vouchsafe'ment *n.* (וואוטש-סייף'-מענט) ערלויבנים; נאכגעבונג; ווירדיגונג; דאס צוליעב טהאן.

voudou' *n.* (וואוה-דוה') ז. *voodoo*

voudou'ism *n.* (וואוה-דוה'-איזם) ז. *voodooism*

vouge *n.* (וואוהזש) ז. *voulge*

vough *n.* (וואג) ז. *vug*

voulge *n.* (וואוהזש) א מין לאנגע שפיציגע האק וואס האט געדיענט אלס געוועהר אין מיטעלאלטער.

voussoir' *n. and v.* (וואוה-סואר') אין ארכיטעקטור — דער געוועלב-שטיין [א קליינפערמיגער שטיין וואס ווערט בענוצט אין מויערען אן ארקע אדער געוועלב]; מויערען אן ארקע מיט געוועלב-שטיינער.

vow *n. and v.* (וואו) א פייערליכעס פערשפרעכען; א נדר, א שבועה; די ווידמונג, די הייליגונג צו עפעס; הייליגען צו עפעס; ווידמען, מנדר זיין; שווערען.

vow'-breach *n.* (וואו'-בריעטש) דאס ברעכען א נדר אדער שבועה.

vow'-break *n.* (וואו'-בריק) ז. *vow-breach*

vow'-brea'ker *n.* (וואו'-בריי'-קער) איינער וואס ברעכט א נדר אדער שבועה.

vow'el *n., a. and v.* (וואו'-על) א וואקאל, א וואקאל-בוכשטאב [א בוכשטאב וואס ווערט פריי אויסגעשפראכען פון זיך אליין, אהן דער הילף פון אן אנדער בוכשטאב]; וואקאליש, וואס איז שייך צו א וואקאל; אריינשטעלען וואקאל-בוכשטאבען. ז. *vocal*

vow'elism *n.* (וואו'-על-איזם) דאס ברויכען אין שריפט וואקאל-בוכשטאבען.

vow'elist *n.* (וואו'-על-איסט) איינער וואס ברויכט אין שרייבען וואקאל-בוכשטאבען.

vow'elize *v.* (וואו'-על-איז) אריינשטעלען וואקאל-בוכשטאבען [ווי אין דעם ווארט "שבת" — שאבאת].

vow'elled *a.* (וואו'-עלד) מיט וואקאלען, מיט וואקאל-בוכשטאבען, מיט תנועות.

vow'elless *a.* (וואו'-על-לעס) אהן וואקאלען, אהן תנועות.

vow'elly *a.* (וואו'-על-אי) פול מיט וואקאלען; וואס כאראקטעריזירט זיך מיט וואקאלע קלאנגען.

vow'er *n.* (וואו'-ער) איינער וואס טהוט א נדר, א בעל נדר.

vow'less *a.* (וואו'-לעס) ניט געבונדען דורך א נדר אדער שבועה.

vox *n.* (וואקס) א קול, א שטימע.

voy'age *n. and v.* (וואי'-עדזש) א רייזע [אויף'ן וואסער]; דער גאנג פון א שיף היין און צוריק פון א פארט צו א פארט; לאזען זיך אין א נסיעה איבער'ן ים; ארומפאהרען, ארומרייזען.

voy'ageable *a.* (וואי'-עדזש-עבל) וואו מען קען ארומפאהרען; וואס מען קען בערייזען מיט א שיף.

voy'ager *n.* (וואי'-עדזש-ער) א רייזענדער, איינער וואס רייזט אויף'ן ים.

voyageur' *n.* (וואוא-יא-זשויר') אין דער צייט פון דער ערשטער קאלאניזאציאן אין נארד-אמעריקא — איינער וואס האט זיך בעשעפטיגט מיט איבערפיהרען מענשען און פראדוקטען פון איין האנדעלס-סטאנציע [פאר רויכווארג] צו דער צווייטער.

voy'aging *n.* (וואי'-עדזש-אינג) דאס פאהרען איבער'ן ים; דאס ארומפאהרען.

V. P. ראשי תבות פון *vice-president* [וויצע-פרעזידענט].

vraisemblance' *n.* (וורי-סאנ-בלאנס') וואהרשיינליכקייט.

V. S. ראשי תבות פון די ווערטער *veterinary surgeon* [א וועטערינאר, א דאקטאר פון בהמות].

vs. אבקירצונג פון *versus*

V-shaped *a.* (ווי'-שייפט) וואס האט די פארם פון בוכשטאב *V*.

v. t. ראשי תבות פון *verb transitive*

Vt. פערקירצונג פון *Vermont* [ווערמאנט, א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

vug *n.* (וואג) אין בערג-ארבייט — א לאך אדער שפאלט אין אן ערץ-אדער אדער פעלז.

Vul'can *n.* (וואל'-קען) אין דער רוימישער מיטאלאגיע — ווולקאן, דער גאט פון פייער און פון שמיעדעריי; אזא פלאנעט צווישען דער זון און דעם מערקור [די עקזיסטענץ פון דיעזען פלאנעט איז וויסענשאפטליך נאך ניט בעגרינדעט געווארען].

Vulcana'lia *n.* (וואל-קע-ניי'-לי-א) די וואולקאנאליען [א יום טוב ביי די פארצייטיגע רוימער לכבוד וואולקאן, דעם גאט פון פייער].

Vulca'nian *a.* (וואל-קיי'-ני-ען) וואס איז שייך צום רוימישען גאט וואולקאן [דער גאט פון פייער]; וואס איז שייך צו דער טעאריע פון די וואולקאניסטען [ז. *Vulcanist*].

Vulcan'ic *a.* (וואל-קענ'-איק) וואס איז שייך צו וואולקאן [דער גאט פון פייער ביי די פארצייטיגע רוימער].

vulcan'ic *a.* (וואל-קענ'-איק) וואולקאניש, וואס איז שייך צו וואולקאנען אדער פייער-שפייענדע בערג.

vulcanic'ity *n.* (וואל-קע-ניס'-אי-טי) ז. *volcanicity*

vul'canisable *a.* (וואל'-קענ-אי-זעבל) ז. *vulcanizable*

vulcanisa'tion *n.* (וואל-קענ-אי-זיי'-שאן) ז. *vulcanization*

vul'canism *n.* (וואל'-קענ-איזם) ז. *volcanism*

Vul'canist *n.* (וואל'-קענ-איסט) א וואולקאניסט, אן אנהענגער פון דער טעאריע אין געאלאגיע, אז די פארם פון דעם ערד-קוגעל, ווי די בערג, די טאלען און די פעלזען, האט זיך אויסגעבילדעט דורך דער ווירקונג פון וואולקאנישע קרעפטען, ד. ה. א דאנק דעם אינערליכען פייער פון דער ערד [אין געגענזאץ צו דער טעאריע פון די נעפטוניסטען. ז. *Neptunist*].

vul'canite *n.* (וואל'-קענ-איט) וואולקאניט [א מין זעהר הארטע גומי].

vul'canizable *a.* (וואל'-קענ-אי-זעבל) וואס קען וואולקאניזירט ווערען. ז. *vulcanization*

vulcaniza'tion *n.* (וואל-קענ-אי-זיי'-שאן) וואולקאניזאציאן [א מעטאדע צו מאכען הארט גומי אדער קאוטשוק דורך דער ווירקונג פון שוועבעל-שטאף אדער דורך א הויכער טעמפעראטור]; פערהארטונג.

vul'canize *v.* (וואל'-קענ-איז) וואולקאניזירען, אונטערווארפען אונטער דעם פראצעס פון וואולקאניזאציאן; פערהארטעווען. ז. *vulcanization*

vul'canizer *n.* (וואל'-קענ-אי-זער) אן אפאראט וואס ווערט בענוצט צו וואולקאניזירען אדער הארט מאכען גומי.

vulca'no *n.* (וואל-קיי'-נאו) ז. *volcano*

vulcanolog'ical *a.* (וואל-קע-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *volcanological*

vulcanol'ogy *n.* (וואל-קע-נאל'-א-דזשי) ז. *volcanology*

vul'gar *a. and n.* (וואל'-גאר) וואולגאר, פעבעלהאפט, געמיין, נידריג, גראב, פראסט; געוועהנליך, איינפאך; דער פעבעל, דאס געמיינע פאלק, דער המון; די שפראך אדער אויסדריקע פון דעם המון.

vulga'rian *n.* (וואל-גיי'-רי-ען) א וואולגארע פערזאן, א מענש מיט גראבע מאניערען אדער אויסדריקע.

vulgarisa'tion *n.* (וואל-גאר-אי-זיי'-שאן) ז. *vulgarization*

vul'garise *v.* (וואל'-גאר-איז) ז. *vulgarize*

vul'garism *n.* (וואל'-גאר-איזם) וואולגאריטעט, גראבקייט; גראבע מאניערען אדער אויסדריקע.

vulgar'ity *n.* (וואל-גער'-אי-טי) וואולגאריטעט, פעבעלהאפטיגקייט, געמיינהייט, גראבקייט.

vulgariza'tion *n.* (וואל-גאר-אי-זיי'-שאן) דאס וואולגאריזירען, דאס מאכען וואולגאר, געמיין, גראב; א ברייטע פערשפרייטונג, א ברייטע בעקאנטמאכונג [פון אידעען].

vul'garize *v.* (וואל'-גאר-איז) וואולגאריזירען, מאכען וואולגאר אדער פעבעלהאפט; מאכען פראסט אדער געמיין.

vul'gar lan'guage (וואל'-גאר לענ'-גהוועדזש) א וואולגארע שפראך, די אונגעבילדעטע פאלקס-שפראך; גראבע רייד.

vul'garly *adv.* (וואל'-גאר-לי) אויף א וואולגארען, געמיינעם אדער גראבען שטייגער.

vul'garness *n.* (וואל'-גאר-נעס) ז. *vulgarity*

Vul'gate *n. and a.* (וואל'-גייט) די וואולגאטא [די לאטייניש איבערזעצונג פון דער ביבעל]; וואס איז שייך צו דער וואולגאטא.

vul'gate *a. and n.* (וואל'-גייט) געוועהנליך, אלגעמיין; וואס איז אנגענומען פון אלעמען; פאפולער; די אונגעבילדעטע פאלקס=שפראך.

vul'gus *n.* (וואל'-גאס) דאס פאלק, דער המון.

vulnerabil'ity *n.* (וואל-נע-רע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פערוואונדעט ווערען; דאס קענען אנגעגריפען ווערען.

vul'nerable *a.* (וואל'-נע-רעבל) פערוואונדבאר, וואס קען פערוואונדעט ווערען; וואס קען אנגעגריפען ווערען.

vul'nerableness *n.* (וואל'-נע-רעבל-נעס) ז. *vulnerability*

vul'nerary *a. and n.* (וואל'-נע-רע-רי) וואס היילט וואונדען; א וואונד=מיטעל, א מיטעל צו וואונדען.

vul'nerose *a.* (וואל'-נע-ראוס) בעדעקט מיט וואונדען.

vulnif'ic *a.* (וואל-ניפ'-איק) פערוואונדענד; וואס מאכט אן וואונדען.

vulnif'ical *a.* (וואל-ניפ'-אי-קעל) ז. *vulnific*

vul'nus *n.* (וואל'-נאס) א וואונד.

vulpec'ular *a.* (וואל-פעק'-יו-לאר) פוקסענער; פוקסיש.

Vul'pes *n.* (וואל'-פיז) דער מין פוקסען.

vul'picide *n.* (וואל'-פי-סאיד) דאס הרג'ענען א פוקס; א פוקסען=שלעגער.

vul'pine *a.* (וואל'-פין) פון א פוקס, וואס געהערט צו א פוקס; פוקסיש, ליסטיג, כיטרע.

vul'pinism *n.* (וואל'-פי-ניזם) דאס זיין א פוקס; כיטרעקייט, ליסטיגקייט.

vul'pinite *n.* (וואל'-פי-נאיט) א זארט זאמדיגער אנהידריט [אזא גיפס וואס ענטהאלט ניט אין זיך קיין וואסער].

vul'ture *n.* (וואל'-טשור) א גייער, א קארשון [א רויב=פויגעל, ביי וועלכען דער קאפ און האלז זיינען אהן פעדערן].

Vulture

vul'turine *a.* (וואל'-טשור-אין) פון א גייער, וואס געהערט צו א גייער אדער קארשון [ז. *vulture*]; גייערארטיג, ווי א גייער, רויב=גיעריג, פרעס=גיעריג, זשעדנע.

vul'turish *a.* (וואל'-טשור-איש) ז. *vulturine*

vul'turism *n.* (וואל'-טשור-איזם) דער כאראקטער פון א גייער אדער קארשון, רויבגיעריגקייט.

vul'turous *a.* (וואל'-טשור-אס) ווי א גייער אדער קארשון, רויבגיעריג.

vul'va *n.* (וואל'-ווא) דער אויסערליכער טייל פון געשלעכטס=ארגאן ביי א פרוי.

vul'var *a.* (וואל'-ווער) ז. *vulviform*

vul'vate *a.* (וואל'-וועיט) ז. *vulviform*

vul'viform *a.* (וואל'-ווי-פארם) וואס האט די פארם פון דעם אויסערליכען טייל פון געשלעכטס=ארגאן ביי א פרוי.

vulvis'mus *n.* (וואל-ווים'-מאס) ז. *vaginismus*

vulvi'tis *n.* (וואל-וואי'-טיס) אן ענטצינדונג פון אויסערליכען טייל פון געשלעכטס=ארגאן ביי א פרוי.

vy'ing *a.* (וואי'-אינג) קאנקורירענד; שטרעבענד צו פערגלייכען זיך מיט איינעם אדער איהם אריבערשטייגען.

vy'ingly *adv.* (וואי'-אינג-לי) שטרעבענדיג צו פערגלייכען זיך מיט איינעם אדער איהם אריבערצושטייגען, קאנקורירענדיג.

W

W, w (דאבל יו) דער דריי און צוואנציגסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

wa'bash *v.* (הוואה'-בעש) בעשווינדלען, בעטריגען.

wab'ble *v. and n.* (הוואבל) זיך בויגען אהין און אהער; זיך שאקלען, זיך וויעגען, זיך וואקלען; טרייסלען, שאקלען; א וויעגונג, א שאקלונג, א וואקלונג, א טרייסלונג.

wab'bler *n.* (הוואב'-לער) איינער אדער עטוואס וואס שאקעלט זיך אדער וואקעלט זיך.

wab'bling *a.* (הוואב'-לינג) וואס שאקעלט זיך, וואס וואקעלט זיך; וואס בויגט זיך אהין און אהער; וואס וויעגט זיך.

wab'bly *a.* (הוואב'-לי) שאקעלדיג, וואקעלדיג.

wack'e *n.* (הוועק'-ע) גרוי=וואקע, אזא ברוינע אדער גרינליכע ליים.

wad *n. and v.* (הוואד) א בינטעל היי, האר, וואל, וואטע אדער שמאטעס צום אויסשטאפען אדער אויסצופאלסטערען; אן אויסשטאפונג; א שטיקעל צייג, פאפיער אדער לעדער וואס ווערט בענוצט צו פערשטאפען דאס לאך אין א ביקס, וואו דער פולווער אדער די קויל געפינט זיך; שטאפ=מאטעריאל; אזא אונריינער ערדיגער ערץ פון מאנגאן אדער ברוינשטיין, וואס ברענט ביי א צוזאמענמישונג מיט זוימען=אויל; א פעקעל געלד, א קניפעל, א געלד=קניפעל; אויסשטאפען מיט וואטע, וואל, האר, היי א. ד. ג.; פערפאקען אין היי, וואטע, האר א. ד. ג.; צונויפשטאפען; וואטירען, אונטערשלאגען מיט וואטע [ווי א בגד]; פערשטאפען דאס לאך פון א ביקס, וואו דער פולווער אדער די קויל געפינט זיך, מיט שטאפ=מאטעריאל.

wa'dable *a.* (הוויי'-דעבל) וואס קען דורכגעבראדזשעט ווערען.

wadd *n.* (הוואד) אזא אונריינער ערדיגער ערץ פון מאנגאן אדער ברוינשטיין, וואס ברענט ביי א צונויפמישונג מיט זוימען=אויל.

wad'ded *a.* (הוואד'-עד) וואטירט, אויסגעשטאפט.

wad'ding *n.* (הוואד'-אינג) שטאפ=מאטעריאל [ווי היי, האר, וואל, וואטע א. ד. ג.]; וואטע; וואטירונג; אויסשטאפונג.

wad'dle *v. and n.* (הוואדל) זיך שאקלען, זיך וואקלען; געהן ווי א קאטשקע; דאס וואקלען זיך, וואקלונג.

wad'dler *n.* (הוואד'-לער) איינער אדער עטוואס וואס שאקעלט זיך אדער וואקעלט זיך.

wad'dlingly *adv.* (הוואד'-לינג-לי) זיך שאקלענדיג, זיך וואקלענדיג.

wad'dy *n.* (הוואד'-אי) אזא שארף=געקארבטער שטעקען פון שווערען האלץ, וואס ווערט בענוצט פון די אויסטראליער אלס געוועהר אין מלחמה.

wade *v. and n.* (הווייד) בראדזשען; דורכבראדזשען [א וואסער, א זומפ א. ד. ג.]; דאס בראדזשען; אן ארט וועלכען מען בראדזשעט דורך; א טייך אדער וואסער וואס מען דארף דורכבראדזשען; א וועג.

wa'der *n.* (הוויי'-דער) איינער וואס בראדזשעט; א זומפ=פויגעל, א בראדזשע=פויגעל [א פויגעל מיט לאנגע פיס, וואס בראדזשעט אין וואסער און זומפען, ווי א שטארך, א צאפליא, א שטראנד=לויפער א. ד. ג.]; א וואסער=שטיוועל [א שטיוועל מיט לאנגע כאליאוועס צו בראדזשען אין וואסער אדער בלאטע].

wad'-hook *n.* (הוואד'-הוק) א קוגעל=ציהער [אזא האקען ארויסצוציהען דאס שטאפ=מאטעריאל פון א שיס=געוועהר].

wad'i *n.* (הוואד'-אי) א טהאל, וואו עס געפינט זיך דער דורכגאנג פון א טייך, וועלכער איז מייסטענס, אויסער דער רעגען=צייט, טרוקען; א וואסער=וועג, א טייך.

wad'miltilt *n.* (הוואד'-מיל-טילט) אזא גראבער, שטארקער וואלען=שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעדעקען אמוניציאן און פולווער=פעסלעך.

wad'set *n.* (הוואד'-סעט) א היפאטעקע אויף לאנד, א זיכערונגס=משכון אויף גרונד=בעזיץ.

wad'setter *n.* (הוואד'-סעט-ער) איינער וואס האט א היפאטעקע אדער זיכערונגס=משכון אויף לאנד.

wad'y *n.* (הוואד'-אי) ז. *wadi*

wa'fer *n. and v.* (הוויי'-פער) א וואפעל, א וואפעל=קוכען, א פלעצעל, א ביסקוויט, א קליין רונד קיכעל; די האסטיע אדער דאס הייליגע ברויט [אזא דין, רונד קי-

כעל פון אונגעזייערטען טייג, וואס ווערט געברויכט פון די קריסטען צום הייליגען אבענדמאהל]; אן אבלאטקע, א קלעפּבלעטעלע [אזא דין, רונד בלעטעלע פון קליי וואס ווערט בענוצט צום פערקלעפען בריעף אדער דאקומענטען]; אזא פאררייכטונג אין א הארמאט צו עקספּלאדירען דאס אויפרייסונגס־מאטעריאל; צוקלעפען אדער פערקלעפען מיט אן אבלאטקע אדער קלעפּ־בלעטעלע.

wa'fer-bread *n.* (הוויי'-פער-ברעד) די האסטיע, דאס הייליגע ברויט, אלטאר־ברויט.

wa'fer-cake *n.* (הוויי'-פער-קייק) די האסטיע, דאס הייליגע ברויט. ז. ***wafer***

wa'fer-i'ron *n.* (הוויי'-פער-אי'-ערן) א וואפעל־אייזען [אזא אייזען מיט צוויי דינע פּלאטען, מיט וועלכען מען באקט וואפעלען אדער אבלאטקעס].

wa'fer-tongs *n.* (הוויי'-פער-טאהנגז) ז. ***wafer-iron***

wa'fery *a.* (הוויי'-פער-אי) ווי א וואפעל, פּלעצעל, אבלאטקע אדער קיכעל.

waf'fle *n.* (הוואפל) א וואפעל [אזא דין קיכעל אדער פּלעצעל, וואס ווערט געבאקען צווישען צוויי אייזערנע פּלאטען און ווערט געגעסען הייסערהייד].

waf'fle-i'ron *n.* (הוואפ'ל-אי'-ערן) א וואפעל־אייזען [אזעלכע צוויי אייזערנע פּלאטען, וועלכע פערמאכען זיך און עפענען זיך אויף א זאוויעסקע, צום באקען וואפעלען].


Waffle-iron

waft *v. and n.* (הוועפט) לייכט דורכשווימען אדער דורכשוועבען דורך וואסער אדער לופט; שווימען; שוועבען; לייכט דורכפיהרען דורך וואסער אדער לופט, לאזען דורכשווימען; עטוואס אדער איינער וואס שוועבט אדער שווימט; א שוועב; א שוואונג; א פּלאטער; א הויך, א בלאז; א וואונק מיט דער האנד; א סיגנאל וואס ווערט געגעבען פון א שיף דורך א פלאג; א סיגנאל־פלאג.

waft'age *n.* (הוועפט'-עדזש) דאס פיהרען אדער טראנספּארטירען דורך וואסער אדער לופט; דאס אריבערפאהרען א וואסער; וואסער־פאהרט.

waft'er *n.* (הוועפט'-ער) א פּאראם־שטשיק, איינער וואס פיהרט איבער א וואסער מיט א פּראם; א פּראם [א פּעהרע]; א ראפּיער [אזא שווערד].

waf'ture *n.* (הוועפ'-טשור) א שוואונג, א שווינגענדע אדער פּלאטערענדע בעוועגונג; א בעוועגונג אדער זשעסטיקולאציע מיט דער האנד.

wag *v. and n.* (הוועג) בעוועגען היין און הער; שאקלען, וויעגען; זיך שאקלען אדער בעוועגען אויף אלע זייטען; זיך בעוועגען, זיך ריהרען, אנגעהן; מאכען פּליטה, אוועקלויפען; א שאקעל, א שאקלונג, א היין־און־הער בעוועגונג; א שטיפער, א וויצלינג, א קאטאוועס־טרייבער.

wage *n. and v.* (הווידזש) לוין, שכירות, ארבייטס־לוין; איינשטעלען [אין קאן]; אונטערנעהמען; פיהרען [א מלחמה].

wage'-ear'ner *n.* (הווידזש'-אויר'-נער) א לוין־ארבייטער.

wage'-fund *n.* (הוויידזש'-פאנד) דער טייל פון קאפּיטאל וואס גערט אויף אויסצוצאהלען לוין צו די ארבייטער [צום אונטערשיעד פון דעם טייל קאפּיטאל וואס איז אריינגעטהאן אין די געביידען, מאשינען, רויה־מאטעריאל א. ז. וו.].

wage one's law (הוויידזש הוואנז לאה) געשטעלט ווערען אלס אנגעקלאגטער אונטער א שבועה, דאס ער איז גאר ניט שולדיג דעם קלעגער.

wa'ger *n. and v.* (הוויי'-דזשער) א וועט; אן איינשטעלונג אין קאן; א פערשפּרעכונג צו בעצאהלען, א משכון, א גאראנטיע; דאס שטעלען אונטער א שבועה, אז מען איז ניט שולדיג, דאס שווערען, אז מען איז ניט שולדיג; וועטען, זיך וועטען.

wa'gering *a.* (הוויי'-דזשער-אינג) וועטענד.

wa'gering pol'icy (הוויי'-דזשער-אינג פאל'-אי-סי) א וועט־פאליסע [א פערזיכערונגס־פאליסע, וועלכע איז אויסגעשטעלט אויף א צופעליגקייט אדער אויף א זאך אין וועלכער דער נעהמער פון דער פאליסע האט קיין אינטערעסע ניט אויב עס וועט פּאסירען מיט איהר אן אונגליק אדער ניט. אזעלכע פאליסעס זיינען שפּעטער פערבאטען געווארען פון געזעץ].

wa'ger of bat'tle (הוויי'-דזשער אוו בעטל) א געריכטליכער דועל [א דועל אדער צוויי־קאמפּף וואס פלעגט אמאל צוגע'משפּט ווערען פאר צוויי שטרייטענדע צדדים, אז זיי זאלען ענטשיידען דורך וואפען זייער שטרייט. דער זיעגער פלעגט אנערקענט ווערען אלס דער גערעכטער].

wa'ger of law (וויי'-דזשער אוו לאה) אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג— דאס געבען אן אנגעקלאגטען א שבועה, אז ער איז דעם קלעגער גאר ניט שולדיג [דערביי פלעגט נויטיג זיין, אז 11 פון דעם אנגעקלאגטענס שכנים זאלען קומען שווערען, אז זיי גלויבען אין זיין עהרליכקייט און אז ער האט געווים געשווארען ריכטיג].

wa'ger pol'icy (וויי'-דזשער פאל'-אי-סי) ז. ***wagering policy***

wa'ges *n.* (הוויי'-דזשעז) שכירות, לוין, ארבייטס־לוין.

wa'ges-fund *n.* (וויי'-דזשעז-פאנד) ז. ***wage-fund***

wage'-work *n.* (הוויידזש'-הוואירק) לוין־ארבייט.

wage'-wor'ker *n.* (הוויידזש'-הוואיר'-קער) א לוין־ארבייטער.

wag'gery *n.* (הוועג'-ער-אי) שפּאס, קאטאוועס, שטיפעריי.

wag'ging *n.* (הוועג'-אינג) א היין־און־הער בעוועגונג, א שאקלונג, א וויבראציאן.

wag'gish *a.* (הוועג'-איש) שפּאסיג, שטיפעריש, קאטאוועסדיג.

wag'gishly *adv.* (הוועג'-איש-לי) אויף א שטיפערישען אדער קאטאוועסדיגען אופן.

wag'gishness *n.* (הוועג'-איש-נעס) שטיפערישקייט; שטיפעריי; שפּאס, קאטאוועס.

wag'gle *v. and n.* (הוועגל) זיך וואקלען, זיך וויעגען, זיך שאקלען, זיך בעוועגען היין און הער; שאקלען, וויעגען; שמייסען, שלאגען; בייקומען; א שאקעל, א היין־און־הער בעוועגונג.

wag'gon *n.* (הוועג'-אן) ז. ***wagon***

wag'gonage *n.* (הוועג'-אנ-עדזש) ז. ***wagonage***

wag'goner *n.* (הוועג'-אנ-ער) ז. ***wagoner***

waggonette' *n.* (הוועג-א-נעט') ז. ***wagonette***

Wagne'rian *a.* (וואג-ני'-רי-ען) וואגנעריאניש, פון וואגנער, וואס איז שייך צום בעריהמטען דייטשען מוזיקער ריכארד וואגנער [געבארען אין 1831, געשטארבען אין 1883] אדער צו זיינע מוזיקאלישע קאמפּאזיציאנען אדער אפּעראס; וואס האט דעם סטיל אדער כאראקטער פון וואגנער'ס מוזיק; וואס איז שייך צו רודאלף וואגנער, דעם בעריהמטען דייטשען אנאטאמיסט און פיזיאלאג [געבארען אין 1805, געשטארבען אין 1864].

Wagne'rianism *n.* (וואג-ני'-רי-ענ-איזם) ז. ***Wagnerism***

Wag'nerism *n.* (וואג'-נער-איזם) וואגנעריזם, די מוזיקאלישע טעאריע און מוזיקאלישער סטיל פון ריכארד וואגנער.

Wag'nerist *n.* (וואג'-נער-איסט) א וואגנעריסט, אן אנהענגער פון ריכארד וואגנער'ס מוזיק.

Wag'nerite *n.* (וואג'-נער-איט) ז. ***Wagnerist***

wag'nerite *n.* (הוועג'-נער-איט) וואגנעריט [אזא דורכזיכטיגער מינעראל].

wag'on *n. and v.* (הוועג'-אן) א וואגען; א וואגאן; א בוכבינדער־געצייג ארומצושניידען די ברעגען פון בלאט־גאלד צום פערציערען ביכער; פיהרען מיט א וואגען.

wag'onage *n.* (הוועג'-אנ-עדזש) פוהר־געלד; פראכט־געלד.

wag'on-bed *n.* (הוועג'-אנ-בעד) ז. ***wagon-box***

wag'on-boi'ler *n.* (הוועג'-אנ-באי'-לער) א וואגען־קעסעל [אזא דאמפּף־קעסעל וואס האט די פארם פון א וואגען מיט א האלב־רונדען דאך].

wag'on-box *n.* (הוועג'-אנ-באקס) דער וואגען־קאסטען [דער טייל פון וואגען, וואו עס זיצען די פּאסאזשירען אדער וואו עס ווערט געלעגט משא].

wag'on-brake *n.* (הוועג'-אנ-ברייק) א וואגען־ברעמזע. ז. ***brake***

Wag'oner *n.* (הוועג'-אנ-ער) אין אסטראנאמיע — דער פוהרמאן, דער גרויסער בער [א געוויסע שטערן־גרופּע].

wag'oner *n.* (הוועג'-אנ-ער) א פוהרמאן.

wagonet' *n.* (הוועג-א-נעט') ז. ***wagonette***

wagonette' *n.* (הוועג-א-נעט') א שפּאציער־וואגען צו פיהרען מעהרערע פּערזאנען.


Wagonette

wag'on-head'ed *a.* (הוועג'-אנ-העד'-עד) וואס האט א האלב־רונדען דאך ווי א געדעקטער וואגען.

wag'on-jack *n.* (הוועג'-אנ-דזשעק) אזא געשטעל אויפצוהויבען א וואגען ווען מען דארף שמירען די רעדער אדער ווען מען דארף זיי אראבנעהמען פון די אקסען.

wag'on-load *n.* (הוועג'-אנ-לאוד) די

וואגען־לאדונג, די משא פון א וואגען; א גרויסע מאסע, א סך.

wag'on-lock *n.* (הוועג'-אן-לאק) א וואגען־ברעמזע איינצוהאלטען די רעדער ווען דער וואגען געהט בארג־אראב.

wag'on-mas'ter *n.* (הוועג'-אן-מעס-טער) אן אויפפאסער אויף וואגאנען אדער וואגענס; א בעאמטער אין דער ארמעע וואס האט די אויפזיכט איבער די מיליטער־וואגענס.

wag'on-roof *n.* (הוועג'-אן-רוהף) א האלב־רונדער דאך ווי פון א געדעקטען וואגען.

wag'on-roofed *a.* (הוועג'-אן-רוהפט) וואס האט א האלב־רונדען דאך ווי א געדעקטער וואגען.

wag'on-train *n.* (הוועג'-אן-טריין) א צוג פון וואגאנען, וועגען אדער לאסט־טהיערע [ווי פון אן ארמעע צו פיהרען אמוניציע, פראוויזיע א. ז. וו.].

wag'on-vault *n.* (הוועג'-אן-וואהלט) א האלב־רונדער געוועלב ווי דער דאך פון א געדעקטען וואגען.

wag'onwright *n.* (הוועג'-אן-ראיט) א וואגען־מעכאניקער, א וואגען־מאכער.

wag'tail *n.* (הוועג'-טייל) דער טרייסעל־פויגעל [א פויגעל, וואס שאקעלט שטענדיג מיט'ן עק. ז. איל.]; א חוצפה'ניק, אן אונפערשעהמטער מענש.

Wagtail

wag'-wit *n.* (הוועג'-הוויט) א כלומר'שריגער וויץ.

waif *n.* and *v.* (הווייף) א זאך וואס ווערט פערטראגען פון ווינד אדער ארויסגעווארפען פון ים; אן אוועקגעווארפענע זאך; א געפונענע זאך וואס מען וויים ניט ווער דער אייגענטימער איז; זאכען וואס ווערען אוועקגעווארפען פון א גנב ביים אנטלויפען; א מענש אהן א היים; א פערלאזענער, א היימלאזער, א וואנדערער; א פערבלאנדזשעטע אדער היימלאזע בהמה; א סיגנאל־פלאג אויף א שיף; אוועקווארפען ווי א הפקר־זאך.

waif'-pole *n.* (הווייפ'-פאול) דער שטאנג אויף א שיף, אויף וועלכען א סיגנאל־פלאג ווערט ארויפגעצויגען.

wail *v.* and *n.* (הוויל) בעקלאגען, בעוויינען; קלאגען, יאמערען; א קלאג, א יאמער.

wai'ler *n.* (הוויי'-לער) א בעקלאגער, א בעוויינער.

wail'ful *a.* (הוויל'-פול) יאמערענד, בעוויינענד, קלאגענד.

wai'ling *n.* (הוויי'-לינג) דאס יאמערען, דאס קלאגען; א קלאג, א יאמער.

wai'lingly *adv.* (הוויי'-לינג-לי) יאמערענדיג, בעוויינענדיג, קלאגענדיג.

wain *n.* and *v.* (הוויין) א וואגען; פיהרען, אריבערברינגען.

Wain *n.* (הוויין) דער פוהרמאן אדער גרויסער בער [אזא שטערן־גרופע].

wain'-load *n.* (הוויין'-לאוד) א וואגען־לאדונג, די משא פון א וואגען.

wain'scot *n.* and *v.* (הוויינ'-סקאט) א ברעטעל צו בעשלאגען די ווענד פון א צימער; בעשלאגען מיט ברעטלעך.

wain'scot-chair *n.* (הוויינ'-סקאט-טשעהר) א שטוהל מיט אן אונטער־טייל [אונטער'ן זיץ] אין דער פארם פון א קעסטעל.

wain'scot-clock *n.* (הוויינ'-סקאט-קלאק) אזא גרויסער פארצייטיגער זייגער.

wain'scot-oak *n.* (הוויינ'-סקאט-אוק) דער טערקישער דעמב [אזא בוים].

wain'-shil'ling *n.* (הוויינ'-שיל'-אינג) א שטייער פון וואגענס אויף א מארק [פארצייטענס אין ענגלאנד].

wain'wright *n.* (הוויינ'-ראיט) ז. *wagonwright*.

wair *n.* (הוועהר) א שטיק בוי־האלץ, וואס איז 6 פוס לאנג און 1 פוס ברייט.

waist *n.* (הווייסט) די טאליע [דער טייל פון קערפער צווישען דער ברוסט און די היפטען]; א גארטעל אדער באנד ארום דער טאליע; א בלוזע; א לייבקע; עטוואס וואס איז עהנליך צו א טאליע; דער מיטען פון א שיף; דער מיטען אדער דער טאליע־עהנליכער טייל פון א פיעדעל, פון א וויאלאנטשעלא און פון עהנליכע פיעדעל־עהנליכע מוזיקאלישע אינסטרומענטען; דער מיטען פון א צייט־פעריאדע [ווי דער מיטען פון טאג אדער נאכט].

waist'band *n.* (הווייסט'-בענד) א טאליע־גארטעל; א טאליע־בענדעל פון א קלייד [יובקע].

waist'-belt *n.* (הווייסט'-בעלט) א טאליע־גארטעל.

waist'-boat *n.* (הווייסט'-באוט) א שיפעל וואס מען האלט אין מיטען פון א שיף.

waist'coat *n.* (הווייסט'-קאוט) א וועסטעל, א זשילעט, א קאמזעלקע; א לייבקע.

waist'coating *n.* (הווייסט'-קאוט-אינג) וועסטען־צייג.

waist'-deep *a.* and *adv.* (הווייסט'-דיעפ) ביז צו דער טאליע; פון די פיס ביז צו דער טאליע.

wais'ted *a.* (הווייס'-טעד) וואס האט א טאליע [פון א געוויסער פארם].

wais'ter *n.* (הווייס'-טער) א נייער אונערפאהרענער מאטראז אויף א וואלפיש־שיף [אזא מאטראז ווערט געוועהנליך געהאלטען אין דעם מיטען פון שיף ביז מען קען איהם געברויכען פאר פעראנטווארטליכער ארבייט]; אן אלטער מאטראז אויף א קריעגס־שיף, וועלכער האט זיך ניט דערדיענט צו א העכערען ראנג.

waist'-high *a.* (הווייסט'-האי) וואס גרייכט ביז דער טאליע.

wait *v.* and *n.* (הווייט) ווארטען; אויפווארטען; בעדיענען, דערלאנגען צום טיש; דאס ווארטען; די ווארט־צייט; די צייט צווישען איין אקט און דעם אנדערען אין טעאטער; א מיטגליעד פון א מוזיק־ארקעסטער.

wai'ter *n.* (הוויי'-טער) א קעלנער, א דיענער וואס דערלאנגט צום טיש; א הויז־דיענער; א טאץ צו דערלאנגען עסען צום טיש; א בעאמטער אין אן ענגלישען צאל־הויז [טאמאזשניק].

wai'terage *n.* (הוויי'-טער-עדזש) די בעדיענונג פון א קעלנער; בעדיענונג.

wai'tering *n.* (הוויי'-טער-אינג) די ארבייט אדער די פליכטען פון א קעלנער.

wai'ting *n.* and *a.* (הוויי'-טינג) דאס ווארטען; דאס בעדיענען; ווארטענד; בעדיענענד.

wai'ting-boy *n.* (הוויי'-טינג-באי) א לויף־אינגעל.

wai'tingly *adv.* (הוויי'-טינג-לי) ווארטענדיג.

wai'ting-maid *n.* (הוויי'-טינג-מייד) א הויז־מיידעל, א דיענסט־מיידעל; א קעלנערין.

wai'ting-room *n.* (הוויי'-טינג-רוהם) א ווארטע־צימער; א ווארטע־זאל [ווי אויף א וואקזאל].

wai'ting-wom'an *n.* (הוויי'-טינג-הוואומ'-ען) א ווארטפרוי, א בעדיענערין.

wait on (הווייט אן) בעדיענען; בעזוכען, אבשטאטען א וויזיט; בעגלייטען.

wai'tress *n.* (הוויי'-טרעס) א קעלנערין.

wait upon' (הווייט א-פאן') ז. *wait on*.

waive *v.* (הווייוו) פערלאזען, אוועקווארפען, אויפגעבען; אוועקווארפען גע'גנב'עטע זאכען, ווי א גנב ווען ער אנטלויפט; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — ארויסנעהמען דעם שוץ פון געזעץ [פון א פרוי]; אוועקגעהן, אבווייכען.

waiv'er *n.* (הווייוו'-ער) דאס אויפגעבען, דאס אבזאגען זיך פרייוויליג פון א רעכט, א פריווילעגיע אדער פארטייל; דאס אבזאגען זיך עטוואס אנצונעהמען; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — דאס ארויסנעהמען דעם שוץ פון געזעץ פון א פרוי.

wai'vode *n.* (הוויי'-וואוד) ז. *voivode*.

wake *v.* and *n.* (הווייק) וואכען, וואך זיין, אויף זיין; ערוואכען, זיך אויפכאפען פון שלאף; בעוואכען, שטעהן אויף דער וואך; זיין טהעטיג, ניט שלאפען; אויפוואכען, לעבעדיג ווערען; אויפוועקען פון שלאף; אויפוועקען, מאכען אקטיוו; לעבעדיג מאכען; דאס וואכען, דאס שטעהן אויף דער וואך; א נאכט־וואך; דער יעהרליכער יום טוב פון א קירך וואס ווערט געפייערט דורך נאכט; א יום טוב, א הוליאנקע; א נאכט־וואך ביי א טויטען; א שיף־שפור, דער שפור וואס ווערט געלאזען אין וואסער, ווען א שיף געהט דורך; אן אויסגעטרעטענער אדער איינגעפאהרענער שפור אדער וועג.

wake'ful *a.* (הווייק'-פול) וואכענד, שלאפלאז; וואכזאם; אויפוואכענד; וועקענד.

wake'fully *adv.* (הווייק'-פול-אי) וואכענדיג, וואכזאם; ניט שלאפענדיג.

wake'fulness *n.* (הווייק'-פול-נעס) שלאפלאזיגקייט; דאס וואכען; וואכזאמקייט.

wa'ken *v.* (הווייקן) וועקען, אויפוועקען; דערוועקען; זיך אויפכאפען פון שלאף, ערוואכען; ניט שלאפען, וואכען; זיין אויף דער וואך.

wake'ner *n.* (הווייק'-נער) א וועקער.

wake'ning *n.* (הווייק'-נינג) דאס וואכען, דאס זיין וואך.

wa'ker *n.* (הוויי'-קער) א וואכענדער, איינער וואס וואכט; א וואך־מאן; א וועקער.

wake'-rob'in *n.* (הווייק'-ראב'-אין) דער אראן, אהרנ'ס־שטאק אדער דער צעהר־ווארצעל [אזא פלאנצע].

wake'-time *n.* (הווייק'-טאים) וואך־צייט, די צייט ווען מען איז וואך.

wa'king *n.* and *a.* (הוויי'-קינג) דאס וואכען; דאס אויפוואכען, דאס אויפשטעהן פון שלאף; דאס אויפוועקען; דאס שטעהן אויף דער וואך; דאס וואכען ביי דעם

קערפּער פון א טויטען; וואכענד, ניט שלאפענד; ערוואכענד.

wa'king numb'ness (הוויי'-קינג גאמ'-נעס) א שנעל פאריבערגעהענדע פערטעמפּטקייט פון קערפּער ביים אויפשטעהן פון שלאף.

wa'kon-bird *n.* (הוויי'-קאן-בוירד) אזא פאבעלהאפטער פויגעל אין דעם גלויבען פון די אמעריקאנישע אינדיאנער; א פויגעל, מיט וועלכען עס זיינען פערבונדען געוויסע אבערגלויבענס ביי די אינדיאנער.

Wala'chian *a. and n.* (הווא-ליי'-קי-ען) ז. ***Wallachian***.

wal'demar *n.* (הוואל'-דע-מאר) וואלדעמאר, אזא באנוועל=סאמעט. ז. ***velveteen***.

wald'flute *n.* (הוואלד'-פלוהט) א וואלד=פלייט [אזא פייפעל אין אן ארגעל, וואס גיט ארויס קלינגענדע אבער ווייכע טענער].

wald'grave *n.* (הוואלד'-גרייוו) א וואלד=גראף [אן אדעל=טיטול אין דייטשלאנד].

wald'horn *n.* (הוואלד'-האהרן) א וואלד=הארן, א יאגד=הארן, א יאגד=פייפעל.

wale *n. and v.* (הווייל) א שראם אדער פאס וואס בלייבט אויף'ן לייב דורך א שמיץ פון א בייטש אדער רוט; א ריץ אדער שטרייף אין טוך; א בייטש אדער רוט; א געשווילעכץ; א לייסט אדער פלאנקע פון א שיף; אן אויסוואהל, אן אויסערוועהלונג; מאכען שראמען אדער פאסען אויף'ן לייב, ווי דורך שמייסען מיט א בייטש; מאכען אין שטרייפען; שמייסען מיט א בייטש אדער רוט; פלעכטען מיט עטליכע ריטלעך אויף אמאל [ווי עס ווערען געפלאכטען קערב].

Wales *n.* (הוויילז) וויילס [א פּראווינץ אין ענגלאנד].

Walhal'la *n.* (הוועל-העל'-א) ז. ***Valhalla***.

walk *v. and n.* (הוואהק) ארומגעהן; שפּאציערען, ארומשפּאציערען; זיך אויפפיהרען [אין לעבען]; אוועקגעהן; זיין געצוואונגען אוועקצוגעהן, אבגעזאגט ווערען פון א שטעלע אדער אמט; וואנדערען, דורכגעהן, דורכוואנדערען; פיהרען אדער בעגלייטען אויף א שפּאציער; דאס געהן, דאס שפּאציערען; א גאנג; א שפּאציער, א שפּאציער=גאנג א פּראמענאדע; א שפּאציער=פּלאץ, א שפּאציער=וועג; א פיטערונגס=פּלאץ פאר בהמות; די לעבענסארט; דער לעבענסוועג; די בעשעפטיגונג אין לעבען; א פּראפעסיע, א בעשעפטיגונג, א פאך; אויפפיהרונג, האנדלונג.

walk about' (הוואהק ע-באוט') ארומגעהן, ארומשפּאציערען; אן אויסדרוק ביי די ענגלישע אפיציערען, אז דער סאלדאט אויף דער וואך זאל זיי ניט סאלוטירען [אבגעבען טשעסט].

walk against' time (הוואהק ע-גענסט' טאים) געהן אדער לויפען זעהר שנעל [אום צו בעשטימען די מעגליך=גרעסטע שטרעקע, וואס מען קען איינגעהן אדער איינלויפען].

walk along' (הוואהק ע-לאהנג') ווייטער געהן; געהן אין דער לענג פון...

walk a sand'wich (הוואהק ע סענד'-הוויטש) שפּאציערען מיט צוויי דאמען פון ביידע זייטען.

walk awry' (הוואהק ע-ראי') פערקריכען, אראבקריכען פון וועג; געהן ניט גוט.

walk'er *n.* (הוואהק'-ער) א געהער; א פוס=געהער; א וואלד=בעאמטער אין ענגלאנד; איינער וואס דרעסירט יונגע הינד; א געהענדער פויגעל; א פויגעל וואס געהט [אין געגענזאץ צו אזעלכען וואס שפּרינגט]; א מענש מיט א געוויסער אויפפיהרונג.

walk in (הוואהק אין) אריינגעהן; אריינפיהרען.

walk'ing *a. and n.* (הוואהק'-אינג) געהענד, שפּאציערענד; דאס געהן, דאס שפּאציערען.

walk'ing-beam *n.* (הוואהק'-אינג-ביעם) דער האריזאנטאלער שטאנג אין א ווערטיקאל=שטעהענדער דאמפף=מאשין, דורך וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען די בעוועגונגס=קראפט צו דעם קורבעל=שטאנג.

walk'ing-cane *n.* (הוואהק'-אינג-קיין) א שפּאציער=שטאק.

walk'ing del'egate (הוואהק'-אינג דעל'-אי-גייט) א בעאמטער פון א טרייד=יוניאן [געווערקשאפט], וועלכער פערטרעט די ארבייטער ביי די פערהאנדלונגען מיט זייערע בעלי בתים און וועלכער פאסט אויף, אז די יוניאן=בעדינגונגען אין די פאבריקען זאלען אבגעהיט ווערען.

walk'ing-dress *n.* (הוואהק'-אינג-דרעס) א פּראמענאדען=קלייד, א שפּאציער=קלייד.

walk'ing gen'tleman (הוואהק'-אינג דזשענ'טל-מען) א סטאטיסט אין א טעאטער; אן אקטיאר וואס שפּיעלט אונוויכטיגע יוגענד=ראלען צו וועלכע מען דארף האבען א שעהנעם אויסזעהן.

walk'ing la'dy (הוואהק'-אינג ליי'-די) א סטאטיסטין אין א טעאטער; אן אקטריסע וועלכע שפּיעלט אונוויכטיגע יוגענד=ראלען צו וועלכע מען דארף האבען א גוטען אויסזעהן.

walk'ing-pa'pers *n.* (הוואהק'-אינג-פּיי'-פּערז) א שפּאציער=צעטעל [אן ענטזאגונג פון א שטעלע].

walk'ing-staff *n.* (הוואהק'-אינג-סטעף) א געה=שטאק, א שפּאציער=שטאק.

walk'ing-stick *n.* (הוואהק'-אינג-סטיק) א שפּאציער=שטאק; אזא לאנגע, דינע, שטעקעל=עהנליכע פליעג אדער זשוק.

walk'ing-straw *n.* (הוואהק'-אינג-סטראה) אזא לאנגער, דינער אינזעקט.

walk'ing-tick'et *n.* (הוואהק'-אינג-טיק'-עט) א שפּאציער=צעטעל [אן ענטזאגונג].

walk'ing-wheel *n.* (הוואהק'-אינג-הוויעל) א טרעט=ראד, א ראד מיט שטאפּלען, וואס ווערט געדרעהט דורך טרעטען מיט די פיס [ווי א ראד צו שעפּען וואסער, צו מאהלען קארן א. ז. וו.]; א שריט=צעהלער, א שריט=מעסטער [ז. *pedometer*].

walk in'to (הוואהק אינ'-טו) אנגרייפען; "אריינפאהרען", דערלאנגען קלעפּ; שטארק אריינעסען.

walk off (הוואהק אף) אוועקגעהן.

walk on (הוואהק אן) ווייטער געהן, ניט בלייבען שטעהן.

walk one's chalks (הוואהק הוואנז טשאהקס) אוועקגעהן.

walk out (הוואהק אוט) ארויסגעהן, מאכען א שפּאציער=גאנג; ארויסגעהן אין שטרייק [סטרייק].

walk'-out *n.* (הוואהק'-אוט) א שטרייק.

walk'-o'ver *n.* (הוואהק'-או'-ווער) א לייכטער זיעג, א לייכטער געווינס.

walk Span'ish (הוואהק ספּענ'-איש) זיין געצוואונגען צו געהן אויף די שפּיץ פינגער ווי איינער וואס מען הויבט איהם פאר'ן קאלנער; מוזען האנדלען אונטער דעם צוואנג פון אן אנדערען; אבגעזאגט ווערען פון א שטעלע.

walk tall (הוואהק טאהל) געהן קוממיות'דיג, געהן מיט א פעררייסענעם קאפּ, געהן שטאלץ.

walk the chalk (הוואהק טהי טשאהק) זיך האלטען שטרענג אין מאראל, אין מאניערען א. ד. ג.

walk the chalk'-mark (הוואהק טהי טשאהק'-מארק) ז. ***walk the chalk***.

walk the hos'pitals (הוואהק טהי האס'-פּי-טעלז) פּראקטיצירען אדער זיך לערנען מעדיצין און כירורגיע אין די פערשיעדענע אבטיילונגען פון א האספּיטאל.

walk the plank (הוואהק טהי פּלענק) געהן איבער'ן ברעט [זיין געצוואונגען פון ים=רויבער צו געהן איבער'ן ברעט, וואס איז ארויסגעלעגט פון שיף צום ים, ביז מען פאלט אריין אין וואסער]; זיין געצוואונגען צו פערלאזען א שטעלע.

walk the streets (הוואהק טהי סטריעטס) זיך ארומשלעפּען אין די גאסען.

wall *n. and v.* (הוואהל) א וואנד, א מויער; א פעסטונגס=וואנד; א פאר=וואנד, א שוץ=וואנד; א שוץ; עטוואס וואס איז עהנליך צו א וואנד; ארומרינגלען מיט א וואנד אדער פעסטונג; בעפעסטיגען מיט א מויער=וואנד; בעשיצען ווי מיט א וואנד; קאכען, זידען [ווי וואסער]; שפּרודלען ווי וואסער פון א פאנטאן אדער קוואל.

wal'laby *n.* (הוואל'-ע-בי) אזא קליינע קענגערו. ז. ***kangaroo***.

Wal'lach *n.* (הוואל'-עק) א וואלאך, א וואלאך; די וואלאכישע אדער וואלכישע שפּראך [די שפּראך פון די וואלאכען אין בעסעראביען און רומעניען]; רומעניש.

Walla'chia *n.* (הווא-ליי'-קי-א) וואלאכיי, וואלאכיען.

Walla'chian *a. and n.* (הווא-ליי'-קי-ען) וואלאכיש, וואלכיש; וואס איז שייך צו וואלאכיי אדער וואלאכיען [א פּראווינץ וואס א טייל פון איהר געהערט צו רומעניען און א טייל צו בעסעראביען, רוסלאנד]; א וואלאך, א וואלאך.

Wal'lack *n.* (הוואל'-עק) ז. ***Wallach***.

wal'lah *n.* (הוואל'-א) אין אינדיען — א טהוער; אן ארבייטער; א הענדלער; אן אגענט; א מייסטער; אן אייגענטימער; אן איינוואהנער; א מענש; א מיטבירגער.

wall'-clock *n.* (הוואהל'-קלאק) א וואנד=זייגער.

wall'-cree'per *n.* (הוואהל'-קריע'-פּער) דער מויער=שפּעכט ז. ***spider-catcher***.

walled *a.* (הוואהלד) וואס האט ווענט; בעפעסטיגט; אוננארמאל אין פארם אדער קאליר [וועגען אויגען. ז. ***walleye***].

wall'er *n.* (הוואהל'-ער) א מויערער, איינער וואס שטעלט אויף ווענד אדער מויערען; איינער וואס קאכט אויס זאלץ.

wal'let *n.* (הוואל'-עט) א רייזע=זאק; א בייטעל.

wall'eye *n.* (הוואהל'-אי) גלאז=אויגיגקייט [אן אויגען=קראנקהייט, ביי וועלכער די רעגענבויגען=הויט אדער דער קאלירטער קרייז ארום שווארץ=אפּעל פערלירט דעם קאליר אדער ווערט ווייס]; א גלאז=אויג [אן אויג מיט א קאלירלאזער רעגענבויגען=הויט]; אן אויסגעגלאצט גרויס אויג [ווי ביי פיש]; א גלאז=אויגיגער פיש, א פיש מיט גרויסע אויסגעגלאצטע אויגען.

wall'-eyed *a.* (הוואהל'-איד) גלאז=אוי=

גינג [ז. *walleye*]; מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.

wall'flower *n.* (וואהל'-פלאַו-ער) די וואַנד=בלום אָדער דער גאָלד=לאַק [אַזאַ אייראָפּעאישע פּלאַנ=צע וואָס וואַקסט געוועהנליך אויף ווענד, פעלזען א. ז. וו.]; אַ מאַן אָדער פרוי וואָס נעהמט ניט קיין אַנטייל אין די טענץ אויף אַ באַל אָדער אונטערהאַלט [נאָר זיצט ביי דער וואַנד אַלס צושויער].

Wallflower

wall'-fruit *n.* (וואהל'-פרוהט) וואַנד=אויבסט, וואַנד=פרוכט [פרוכט וואָס וואַקסט ביי אַ וואַנד].

wall'-gil'lyflower *n.* (וואהל'-דזשיל'-אי-פלאַו-ער) ז. *wallflower*.

wom'anliness *n.* (הוואומ'-ענ-לי-נעס) ווייבליכקייט, פרויענהאפטיגקייט.

wom'anly *a. and adv.* (הוואומ'-ענ-לי) ווייבליך, פרויענהאפט; וואס פאסט פאר א פרוי; ווי א פרוי; ווי עס פאסט פאר א פרוי; אויף א פרויענהאפטען שטייגער.

wom'an of the town (הוואומ'-ען אוו טהי טאון) א פראסטיטוטקע, א גאסען־פרוי.

wom'an of the world (הוואומ'-ען אוו טהי הוואירלד) א וועלטליכע, ערפאהרענע פרוי; א פרוי וואס דרעהט זיך אין דער געזעלשאפט [איבערהויפט אין דער העכערער געזעלשאפט].

wom'an ser'vant (הוואומ'-ען סויר'-וענט) א דיענסט.

wom'an-suf'frage *n.* (הוואומ'-ען-סאפ'-רעדזש) פרויען־שטימרעכט.

wom'an-suf'fragist *n.* (הוואומ'-ען-סאפ'-רע-דזשיסט) אן אנהענגער פון פרויען־שטימרעכט.

wom'an-ves'ted *a.* (הוואומ'-ען-וועס'-טעד) געקליידעט ווי א פרוי; וואס טראגט פרויען־קליידער.

womb *n.* (הוואוהם) דאס מוטער־לייב, די געבעהר־מוטער, די טראכט; דאס געבורטס־פלאץ [דאס פלאץ וואו עפעס ווערט געבארען, פראדוצירט אדער אויסגעבילדעט]; אן אויסהוילונג, א חלל; טיעפעניש.

wom'bat *n.* (הוואמ'-בעט) דער וואמבאט [אזא אויסטראלישעס בייטעלטהיער]. ז. ***Marsupialia***.



Wombat

wombed *a.* (הוואוהמד) וואס האט א מוטער־לייב אדער געבעהר־מוטער; אויסגעהוילט, מיט א חלל.

womb'-grain *n.* (הוואוהמ'-גריין) מוטערקארן. ז. ***ergot***.

womb'-pas'sage *n.* (הוואוהמ'-פעס'-עדזש) די וואגינא אדער מוטער־שייד [די עפנונג אדער דער קאנאל אין דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן וואס פיהרט צו דער געבעהר־מוטער]. ז. ***vagina***.

womb'-pipe *n.* (הוואוהמ'-פאיפ) ז. ***womb-passage***.

womb'-stone *n.* (הוואוהמ'-סטאון) דער מוטער־שטיין [אזא אנוואוקס אין דער געבעהר־מוטער].

wom'en *n.* (הווימ'-ען) פרויען, ווייבער. ז. ***woman***.

wom'en-folk *n.* (הווימ'-ען-פאוק) דאס ווייבליכע געשלעכט; פרויען; די ווייבליכע מיטגליעדער פון א פאמיליע.

wom'en-folks *n.* (הווימ'-ען-פאוקס) ז. ***women-folk***.

won (הוואן) געוואונען; ערווארבען; עררייכט א. ז. וו. [ז. ***win***].

won'der *n. and v.* (הוואנ'-דער) 1. א וואונדער; א וואונדערליכע זאך; וואונדער, פערוואונדערונג; 2. א מין זיסער געפרעגעלטער קוכען; 3. זיך וואונדערען; 4. וועלען וויסען, זיין נייגעריג צו וויסען, ניט גענוי וויסען, ניט זיין זיכער.

1. He was filled with **wonder** and amazement. 3. I **wonder** whether he will be in time.

won'derer *n.* (הוואנ'-דער-ער) איינער וואס וואונדערט זיך.

won'derful *a.* (הוואנ'-דער-פול) וואונדערבאר, ערשטוינליך, מערקווירדיג; בעוואונדערונגסווערטה, וואונדער־שעהן.

won'derfully *adv.* (הוואנ'-דער-פול-אי) אויף א וואונדערבארען אדער מערקווירדיגען אופן; זעהר; מיט בעוואונדערונג.

won'derfulness *n.* (הוואנ'-דער-פול-נעס) וואונדערבארקייט, ערשטוינליכקייט, מערקווירדיגקייט; בעוואונדערונגסווירדיגקייט.

won'dering *n. and a.* (הוואנ'-דער-אינג) דאס וואונדערען זיך, פערוואונדערונג, ערשטוינונג; זיך וואונדערענד.

won'deringly *adv.* (הוואנ'-דער-אינג-לי) מיט פערוואונדערונג, זיך וואונדערענדיג.

won'derland *n.* (הוואנ'-דער-לענד) וואונדערלאנד, צויבערלאנד.

won'derment *n.* (הוואנ'-דער-מענט) פערוואונדערונג, ערשטוינונג; א וואונדערליכע זאך, א וואונדער.

won'der-of-the-world' *n.* (הוואנ'-דער-אוו-טהי-הוואירלד') ז. ***ginseng***.

won'derstricken *a.* (הוואנ'-דער-סטריקען) ערשטוינט.

won'derstruck *a.* (הוואנ'-דער-סטראק) ז. ***wonderstricken***.

won'derwork *n.* (הוואנ'-דער-הוואירק) א וואונדער־זאך, א וואונדער.

won'derworker *n.* (הוואנ'-דער-הוואיר-קער) א וואונדער־שאפער, א וואונדער־טהוער; א בעל־מופת.

won'derworking *a.* (הוואנ'-דער-הוואיר-קינג) וואס טהוט וואונדער, וואס צייגט מופתים.

won'der-woun'ded *a.* (הוואנ'-דער-הוואוהנ'-דעד) ז. ***wonderstricken***.

won'drous *a. and adv.* (הוואנ'-דראס) וואונדערבאר, בעוואונדערונגס־ווערטה; אויסערארדענטליך, אונגעוועהנליך, זעלטען; אויף א וואונדערבארען אופן; אויסערגעוועהנליך, אונגעהייער.

won'drously *adv.* (הוואנ'-דראס-לי) אויף א וואונדערבארען אדער זאנדערבארען אופן; אין אן אונגעוועהנליכער מאס, אונגעהייער.

won'drousness *n.* (הוואנ'-דראס-נעס) וואונדערבארקייט; אויסערארדענטליכקייט, אונגעוועהנליכקייט; אויסערגעוועהנליכקייט.

wont *a., v. and n.* (הוואנט) געוועהנט; זיין געוועהנט; געוועהנען, צוגעוועהנען, איינגעוועהנען; וואהנען; געוועהנהייט; מנהג, געברויך.

won't (הוואונט) אבקירצונג פון די ווערטער ***will not***.

won'ted *a.* (הוואנ'-טעד) געוועהנט, צוגעוועהנט; געוועהנליך.

won'tedness *n.* (הוואנ'-טעד-נעס) געוועהנטקייט, צוגעוועהנטקייט; געוועהנליכקייט.

woo *v.* (הוואוה) זיך שדכנ'ען: זוכען צו געפעלען אדער צו געווינען חן אין אימעצענס אויגען; בעטען; שטרעבען צו איבערצייגען; איינלאדען; זוכען; שטרעבען נאך..., זיך יאגען נאך...

wood *n. and v.* (הוואוד) א וואלד; האלץ; געהילץ, בוי־האלץ, געהילץ־בוימער; ברען־האלץ, הייץ־האלץ; דער שטריך אדער ריכטונג פון די האלץ־אדערען [ז. ***grain***]; עפעס וואס ווערט געמאכט פון האלץ [ווי א האלץ־גראוויור]; די הילצערנע בלאז־אינסטרומענטען פון אן ארקעסטער; א פאס [פאר משקה, אין געגענזאץ צו א פלאש]; בעזארגען מיט האלץ; ארייןקריעגען א זאפאס אדער פארראט פון האלץ.

wood'-al'cohol *n.* (הוואוד'-על'-קא-האל) האלץ־אלקאהאל אדער מעטהיל־אלקאהאל [א ספיריט וואס ווערט געטריבען פון האלץ און עסיג־זויערע].

wood'-anem'one *n.* (הוואוד'-ע-נעמ'-א-ני) די וואלד־אנעמאנע, די מערץ־בלום, די ווינד־רויז [א קליינע וואלד־פלאנצע וואס בליהט אין אנהויב פריהלינג].

wood'-ant *n.* (הוואוד'-ענט) א וואלד־אמייזע, א וואלד־מוראשקע [א גרויסע מוראשקע וואס לעבט אין וואלד און בויט גרויסע נעסטען]; א האלץ־מוראשקע [א ווייסע מוראשקע וואס האלט זיך אויף אין געהילץ פון אלטע געביידעס].

wood'-ash'es *n.* (הוואוד'-עש'-ען) האלץ־אש.

wood'-baboon' *n.* (הוואוד'-בע-בוהן') דער געלער גווינעאישער פאוויאן. ז. ***baboon***.

wood'bind *n.* (הוואוד'-באינד) ז. ***woodbine***.

wood'bine *n.* (הוואוד'-באין) דער ווילדער גייס־בלאט [ז. ***honeysuckle***]; דער יונגפערן־וויין [ז. ***Virginia creeper***].

wood'-bird *n.* (הוואוד'-בוירד) א וואלד־פויגעל.

wood'-bi'son *n.* (הוואוד'-באי'-סאן) דער אמעריקאנער ביפעל [די חיה איז שוין מעהר ניטא אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא און נאר איינינגע קליינע סטאדעס האלטען זיך נאך אויף אין קאנאדא].

wood'-block *n.* (הוואוד'-בלאק) א האלץ־גראוויור. ז. ***woodcut***.

wood'-boi'ler *n.* (הוואוד'-באי'-לער) א האלץ־קעסעל [צום קאכען האלץ, אום עס ווייכער צו מאכען].

wood'-bor'er *n.* (הוואוד'-באור'-ער) א האלץ־בויערער [ווי למשל, אן אינזעקט].

wood'-born *a.* (הוואוד'-באהרן) געבארען אין וואלד.

wood′-buf′falo *n.* (הוואוד׳-באפ׳-ע-לאו) ז. ***wood-bison***

wood′-car′ver *n.* (הוואוד׳-קאר׳-ווער) א האלץ=שניצער.

wood′-car′ving *n.* (הוואוד׳-קאר׳-ווינג) האלץ=שניצעריי; א האלץ=שניצ=ווערק.

wood′-char′coal *n.* (הוואוד׳-טשאר׳-קאול) האלץ=קויהלען.

wood′chat *n.* (הוואוד׳-טשעט) דער רויט=רוקענדיגער ווערגער. ז. ***shrike***

wood′chat-shrike *n.* (הוואוד׳-טשעט-שראיק) ז. ***woodchat***

wood′-chop′per *n.* (הוואוד׳-טשאפ׳-ער) א האלץ=העקער.

wood′chuck *n.* (הוואוד׳-טשאק) דאס נארד=אמעריקאנישע מורמעל=טהיער אדער סורקע [אזא גריזשענד חיה׳לע].

Woodchuck

wood′coal *n.* (הוואוד׳-קאול) האלץ=קויהלען.

wood′cock *n.* (הוואוד׳-קאק) די וואלד=שנעפפע [אזא געיעג=פויגעל. ז. איל. ***"N. A. Game Birds"***]; א נאר.

wood′-corn *n.* (הוואוד׳-קאהרן) א גע=ויסע מאס תבואה געגעבען פון פאכטערס [אין ענגלאנד] פאר דעם רעכט צו קלייבען האלץ אין פריצישען וואלד.

wood′craft *n.* (הוואוד׳-קרעפט) וואלד=קענטניס [ערפאהרענהייט אדער געשיקט=קייט אין וואלד=בעשעפטיגונגען, ווי יעגע=ריי א. ז. וו.].

wood′-crash *n.* (הוואוד׳-קרעש) א מא=שין וואס ווערט געברויכט אין א טעאטער אום נאכצומאכען דעם קלאנג ווי מען וואלט געבראכען געהילץ.

wood′-crick′et *n.* (הוואוד׳-קריק׳-עט) די וואלד=גריל [א מין גריל וואס האלט זיך אויף אין וואלד].

wood′cut *n.* (הוואוד׳-קאט) א האלץ=גראוויור; אן אבדרוק פון א האלץ=גרא=וויור.

wood′-cut′ter *n.* (הוואוד׳-קאט׳-ער) א האלץ=העקער, א האלץ=זעגער; א האלץ=גראווירער.

wood′-cut′ting *n.* (הוואוד׳-קאט׳-אינג) דאס האלץ=האקען, דאס האלץ=זעגען; האלץ=גראווירונג.

wood′-dove *n.* (הוואוד׳-דאוו) ז. ***stock-dove***

wood′-drink *n.* (הוואוד׳-דרינק) א האלץ=געטראנק [א פליסיגקייט, וואס ענט=האלט דעם עקסטראקט פון דעם האלץ פון געוויסע הייל=פלאנצען].

wood′-duck *n.* (הוואוד׳-דאק) די בוים=ענטעל, די בוים=קאטשקע, די כלה [אזא שעהנע אמעריקאנישע ענטעל אדער קאטש=קע, וועלכע מאכט איהר נעסט אין אויס=געהוילטע בוימער].
ז. איל. ***"N. A. Game Birds"***

wood′ed *a.* (הוואוד׳-עד) וואלדיג, בע=וואלדעט, רייך אין וואלד.

wood′en *a.* (הוואודן) הילצערן, פון האלץ; הילצערן, שטייף, אונגעלומפערט; אהן אן אויסדרוק; אהן לעבעדיגקייט, לע=בענסלאז, טויט; טעמפ, דום, נאריש.

wood′-engra′ver *n.* (הוואוד׳-ענ-גריי׳-ווער) א האלץ=גראווירער; אזא אינ=זעקט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס בויערט דורך די קארע פון סאסנע=בוימער אזוי, אז אויף דעם האלץ בילדען זיך שעהנע אוזארען.

wood′-engra′ving *n.* (הוואוד׳-ענ-גריי-ווינג) האלץ=גראווירונג; א האלץ=גראוויור.

wood′enhead *n.* (הוואוד׳נ-העד) א הילצערנער קאפ, א דומקאפ, א גראבער קאפ, א נאר, א שוטה.

wood′en-head′ed *a.* (הוואוד׳נ-העד׳-עד) מיט א הילצערנעם קאפ, גראב=קעפיג, דום.

wood′en-head′edness *n.* (הוואוד׳נ-העד׳-עד-נעס) גראב=קעפיגקייט, דומהייט.

wood′en horse (הוואודן האהרס) א הילצערן פערד, אויף וועלכען מען פלעגט אמאל ארויפזעצען סאלדאטען אלס שטראף.

wood′en leg (הוואודן לעג) א הילצער=נער פוס.

wood′enly *adv.* (הוואוד׳נ-לי) אויף א הילצערנעם, שטייפען, אונגעלומפערטען אדער דומען שטייגער; אהן געפיהל.

wood′enness *n.* (הוואוד׳נ-נעס) היל=צערנקייט; שטייפקייט; אונגעלומפערט=קייט; דאס ניט האבען קיין אויסדרוק; לעבענסלאזיגקייט, טויטקייט; טעמפקייט, דומהייט, נארישקייט.

wood′enware *n.* (הוואוד׳נ-הוועהר) הילצערנע געשיר; הילצערנע כלים [ווי שיסלען, טעפ, עמערס א. ז. וו.].

wood′en wed′ding (הוואודן הוועד׳-אינג) די הילצערנע חתונה [דער פינף=יעהריגער יובילעאום פון איינעמס חתונה].

wood′-e′vil *n.* (הוואוד׳-איע׳וול) ז. ***redwater***

wood′-flour *n.* (הוואוד׳-פלאור) האלץ=מעהל [זעג=שטויב פון האלץ].

wood′-frog *n.* (הוואוד׳-פראג) א וואלד=פראש, א וואלד=זשאבע [אזא אמעריקא=נישע פראש].

wood′-gas *n.* (הוואוד׳-געס) האלץ=גאז [א פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט קויהלען=שטאף, וואס בעקומט זיך פון האלץ].

wood′-god *n.* (הוואוד׳-גאד) א וואלד=גאט.

wood′-grin′der *n.* (הוואוד׳-גראינ׳-דער) א מאשין צום צומאלען האלץ [אין דער פאפיער=פאבריקאציאן].

wood′-hag′ger *n.* (הוואוד׳-העג׳-ער) א האלץ=העקער.

wood′-hole *n.* (הוואוד׳-האול) א האלץ=פלאץ [א פלאץ וואו מען האלט האלץ צום הייצען].

wood′-hon′ey *n.* (הוואוד׳-האנ׳-אי) ווילדער האניג [פראדוצירט פון ווילדע ביענען].

wood′-horse *n.* (הוואוד׳-האהרס) א זעג=באק [ז. ***sawhorse***]; אזא לאנגע, דינע, שטאהל=עהנליכע פליעג אדער זשוק.

wood′house *n.* (הוואוד׳-האוס) א האלץ=הויז, א האלץ=שטאל, א האלץ=קא=מער.

wood′iness *n.* (הוואוד׳-אי-נעס) היל=צערנקייט, האלציגקייט; וואלדיגקייט.

wood′-job′ber *n.* (הוואוד׳-דזשאב׳-ער) ז. ***woodpecker***

wood′land *n.* and *a.* (הוואוד׳-לענד) וואלד=לאנד, א וואלדיגע געגענד; וואל=דיג, פון וואלד.

wood′lander *n.* (הוואוד׳-לענ-דער) א וואלד=איינוואהנער.

wood′lark *n.* (הוואוד׳-לארק) די וואלד=לערכע, די בוים=לערכע [אזא אייראפע=איש זינג=פויגעלע וואס איז עהנליך צו דער פעלד=לערכע]. ז. ***skylark***

wood′-lay′er *n.* (הוואוד׳-ליי׳-ער) א יונג געהילץ=בוימעל וואס ווערט געפלאנצט צווישען דערנער אדער קוסטארניקעס אין א צאם אדער פערצאמונג.

wood′less *a.* (הוואוד׳-לעס) אהן וואלד.

wood′-louse *n.* (הוואוד׳-לאוס) די האלץ=לויז [אן אינזעקט וואס האלט זיך געוועהנליך צווישען אלטע קלעצער]; א וייסע מוראשקע.

wood′man *n.* (הוואוד׳-מען) א האלץ=העקער; א וואלד=אויפזעהער; א וואלד=איינוואהנער; א יעגער.

wood′-mer′chant *n.* (הוואוד׳-מויר׳-טשענט) א האלץ=הענדלער.

wood′-night′shade *n.* (הוואוד׳-נאיט׳-שייד) דאס ביטער=זיס. ז. ***bittersweet***

wood′-notes *n.* (הוואוד׳-נאוטס) וואלד=מוזיק, נאטור=מוזיק; וואלד=געזאנג [ווי פון א וואלד=פויגעל].

wood′-nut *n.* (הוואוד׳-נאט) דער איי=ראפעאישער האזעל=נוס. ז. ***hazelnut***

wood′-nymph *n.* (הוואוד׳-נימף) א וואלד=נימפע, א וואלד=געטין; אזא זשום=פויגעלע; אזא באבעלע אדער מאטען=פליעגעלע.

wood′-of′fering *n.* (הוואוד׳-אפ׳-ער-אינג) אפפער=האלץ [עצי קרבן].

wood′-pa′per *n.* (הוואוד׳-פיי׳-פער) האלץ=פאפיער [פאפיער געמאכט פון צו=ריבענעם האלץ].

wood′-peat *n.* (הוואוד׳-פיעט) האלץ=טארף [טארף וואס בילדעט זיך אויס אין וועלדער פון איבערגעפוילטען האלץ, בלע=טער א. ז. וו.].

wood′peck *n.* (הוואוד׳-פעק) ז. ***woodpecker***

wood′pecker *n.* (הוואוד׳-פעק-ער) דער האלץ=פיקער [אזא פויגעל וואס בוי=ערט דורך מיט זיין דלאט=עהנליכען שנא=בעל די קארע פון בוימער, אום ארויס=צוקריגען פון דארטען אינזעקטען].

Woodpecker

wood′-pe′wee *n.* (הוואוד׳-פיע׳-הווי)

א וואלד־פיווי [דער אליוואן־גרינער נארד־אמעריקאנישער פליגען־פויגעל (ז. *flycatcher*) וואס גיט ארויס קלאגענדע קלאנגען עהנליך צו "פי־ווי"]. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

wood'-pig'eon *n.* (הוואוד'-פידזש'-אן) ז. *ring-dove*.

wood'-pulp *n.* (הוואוד'-פאלפ) האלץ וואס איז צומאהלען אדער צוריבען געווארען פאר דער פאבריקאציאן פון פאפיער.

wood'-quest *n.* (הוואוד'-קהוועסט) ז. *ring-dove*.

wood'-rat *n.* (הוואוד'-רעט) דער וואלד־ראץ [א גרויסער נארד־אמעריקאנישער ראץ אדער ראט].

wood'reeve *n.* (הוואוד'-ריעוו) א וואלד־אויפזעהער [אין ענגלאנד].

wood'-rock *n.* (הוואוד'-ראק) בארג־האלץ [אזא האלץ־עהנליכער אסבעסט]. ז. *asbestos*.

wood'roof *n.* (הוואוד'-רוהף) ז. *woodruff*.

wood'ruff *n.* (הוואוד'-ראף) אזא גראז וועמענס בלעטלעך גיבען ארויס א געשמאקען גערוך, ווען זיי ווערען געטריקענט אדער צוריבען.

wood'-rush *n.* (הוואוד'-ראש) דער וואלד־ראהר [א ראהר אדער קאמיש וואס וואקסט געוועהנליך אין וועלדער אדער אנדערע טרוקענע פלעצער].

wood'-screw *n.* (הוואוד'-סקרוה) א האלץ־שרויף [אן אייזערנע שרויף צו צוזאמענשרויפען שטיקער האלץ אדער האלץ און מעטאל].

wood'shed *n.* (הוואוד'-שעד) א האלץ־שטאל, א האלץ־קאמער.

wood'-shrike *n.* (הוואוד'-שראיק) ז. *woodchat*.

wood'-skin *n.* (הוואוד'-סקין) אזא קארע־שיפעל ביי די אינדיאנער פון גוויאנא.

wood'-slave *n.* (הוואוד'-סלייוו) אזא יאשטשערקע פון יאמאיקא. ז. *lizard*.

woods'man *n.* (הוואודז'-מען) ז. *woodman*.

wood'-soot *n.* (הוואוד'-סוט) האלץ־סאזשע, האלץ־רום.

wood'-sor'rel *n.* (הוואוד'-סאר'-על) די זויער־קלעע [א גראז מיט זויערע בלעטלעך און צארטע ווייסע בליטהען].

wood'-spir'it *n.* (הוואוד'-ספיר'-איט) האלץ־ספּיריט, מעטהיל־אלקאהאל. ז. *wood-alcohol*.

wood'-stone *n.* (הוואוד'-סטאון) האלץ־שטיין, פערשטיינערט האלץ.

wood'-stove *n.* (הוואוד'-סטאוו) א האלץ־אויווען [אין געגענזאץ צו א גאז־אויווען אדער צו אן אויווען וואס ווערט געהייצט מיט קויהלען].

wood'sy *a.* (הוואוד'-זי) וואלדיג, וואס איז שייך צו א וואלד, וואס געפינט זיך אין א וואלד.

wood'-tar *n.* (הוואוד'-טאר) האלץ־פעך, סמאלע.

wood'-thrush *n.* (הוואוד'-טהראש) א וואלד־דראסעל [א גרויסער נארד־אמעריקאנישער דראסעל וואס איז הויפּטזעכליך פון שווארץ־ברוינעם קאליר מיט א מישונג פון אנדערע פארבען און צייכענט זיך אויס מיט זיין זיסען געזאנג]. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

wood'ward *n.* (הוואוד'-הוואהרד) א וואלד־היטער, א וואלד־וועכטער, א וואלד־אויפזעהער.

wood'-wool *n.* (הוואוד'-הוואול) האלץ־וואל [וואל־ארטיגע שניצונגען פון פיכטען־האלץ, געברויכט צו פערבינדען וואונדען].

wood'work *n.* (הוואוד'-הוואירק) האלצ־ווערק [פון א געביידע א. ז. וו.]; האלץ־ארבייט, שניץ־ארבייט.

wood'worker *n.* (הוואוד'-הוואיר-קער) א האלץ־ארבייטער, א סטאליאר, א טעסלער; א מאשין צום אויסארבייטען געהילץ.

wood'y *a.* (הוואוד'-אי) הילצערן, האלציג; וואלדיג; וואס געפינט זיך אין וואלד אדער אין האלץ.

wood'-yard *n.* (הוואוד'-יארד) א האלץ־הויף, א האלץ־פלאץ, א געהילץ־פלאץ.

woo'er *n.* (הוואוה'-ער) איינער וואס שדכנ'ט זיך, איינער וואס זוכט אדער בעט די האנד פון א מיידעל.

woof *n.* (הוואוהף) שוס, ברייט־פעדים [די פעדים וואס ווערען דורכגעצויגען מיט'ן וועב־שיפעל פון איין זייט צו דער אנדערער פון די אנגעצויגענע פעדים פון א געוועב]; געוועבטע שטאף, צייג.

woo'fy *a.* (הוואוה'-פי) געדיכט; געדיכט געוועבט [וועגען צייג].

woohoo' *n.* (הוואוה-הוה') דער זעגעל־פיש. ז. *sailfish*.

woo'ingly *adv.* (הוואוה'-אינג-לי) בעטענדיג, צוציהענדיג, איבעררייךענדיג.

wool *n. and v.* (הוואול) וואל; די דינע, ווייכע און קורצע הערלעך אונטער די גרויסע האר אויף דער פעל פון א חיה אדער בהמה; קורצע געקרייזעלטע האר [ווי ביי א נעגער]; די האר פון קאפ ביי א מענשען [הומאריסטיש]; אין באטאניק — די וואל פון א פלאנצע; די פאזערען פון בוימוואל; ציהען די האר, צושויבערען די האר.

wool'-ball *n.* (הוואול'-באהל) א וואל־קנויל [א קנויל אדער אן אנגעקליבענע מאסע האר וואס מען געפינט אין מאגען ביי שעפסען און אנדערע טהיערע].

wool'-bear'ing *a.* (הוואול'-בעהר'-אינג) וואס ברייננגט ארויס וואל, וואל־טראגענד [ווי א שעפס].

wool'-car'der *n.* (הוואול'-קאר'-דער) א וואל־בערשטער, א וואל־קעמער, איינער וואס קעמט אדער בערשט וואל.

wool'-car'ding *n.* (הוואול'-קאר'-דינג) דאס קעמען אדער בערשטען וואל.

wool'-clea'ner *n.* (הוואול'-קליע'-נער) א מאשין צו רייניגען וואל פאר'ן פארבען.

wool'-comb *n.* (הוואול'-קאום) א וואל־קאם, אזא קאם צו קעמען אדער בערשטען וואל.

wool'-comb'er *n.* (הוואול'-קאומ'-ער) א וואל־קעמער, איינער וואס קעמט וואל.

woold *v.* (הוואוהלד) ארומדרעהען, ארומוויקלען; ארומדרעהען א שטריק ארום א מאסט.

wool'der *n.* (הוואוהל'-דער) א שטעקען וואס דיענט ארומצודרעהען א שטריק ארום א מאסט אדער ארום אן אנדער שטריק [אויף א שיף]; אזא פלעקעל אין א שטריק־דרעה מאשין.

wool'ding *n.* (הוואוהל'-דינג) וואולינג, די ארומדרעהונג פון א שטריק ארום א מאסט; א שטריק ארומצודרעהען ארום א מאסט.

wool'-dri'ver *n.* (הוואול'-דראי'-ווער) א וואל־אויפקויפער.

wool'-dry'er *n.* (הוואול'-דראי'-ער) א מאשין צו טריקענען אויסגעוואשענע אדער אבגעפארבטע וואל.

wool'-dus'ter *n.* (הוואול'-דאס'-טער) א מאשין אבצורייניגען וואל פון שטויב און אנדערע אונרייניגקייטען.

wool'-dyed *a.* (הוואול'-דאיד) געפארבט פאר'ן שפּינען [וועגען וואל].

wool'en *a. and n.* (הוואול'-ען) וואלענער, וואלענע, וואלענעס, פון וואל, געמאכט פון וואל; וואס איז שייך צו וואל; געקליידעט אין פראסטען היימיש־געמאכטען געוואנד; גראב, פראסט, דארפיש, וואולגאר; וואל־צייג, וואלענער צייג, וואלענס.

wool'en cloth (הוואול'-ען קלאהטה) וואל־צייג, וואלענס, וואלענער צייג.

wool'en-dra'per *n.* (הוואול'-ען-דריי'-פער) א הענדלער מיט וואל־צייג, א טוך־הענדלער.

woolenette' *n.* (הוואול-ע-נעט') וואל־מוסלין [אזא וואלענער שטאף].

wool'en-prin'ter *n.* (הוואול'-ען-פרינ'-טער) איינער וואס דרוקט געפארבטע אוזארען אויף וואלענעם צייג.

wool'en-scrib'bler *n.* (הוואול'-ען-סקריב'-לער) ז. *wool-scribbler*.

wool'-ex'tract *n.* (הוואול'-עקס'-טרעקט) די וואל וואס פערבלייבט אין צייג, וועלכע איז געוועבט פון וואל און באוועל, נאכדעם ווי די באוועל איז פערניכטעט דורך א כעמישען פראצעס.

wool'-fat *n.* (הוואול'-פעט) וואל־פעטס, א פעטער שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון וואל און דיענט פאר פערשיעדענע זאלבען.

wool'fell *n.* (הוואול'-פעל) א פעל מיט דער וואל אדער האר.

wool'-gath'ering *n.* (הוואול'-געטה'-ער-אינג) די זאמלונג פון וואל; דאס אבגעבען זיך מיט נארישקייטען.

wool'-grass *n.* (הוואול'-גרעס) וואל־גראז [אזא ראהר־פלאנצע].

wool'-grow'er *n.* (הוואול'-גראו'-ער) א שאף־ציכטער, איינער וואס האלט שעפסען צו בעקומען פון זיי וואל.

wool'-grow'ing *a.* (הוואול'-גראו'-אינג) וואס פראדוצירט וואל; וואו עס ווערען אויפגעהאלטען טשערעדעס שאף [בעזאנדערס וועגען געוויסע געגענדען].

wool'len *a.* (הוואול'-ען) ז. *woolen*.

woollenette' *n.* (הוואול-ע-נעט') ז. *woolenette*.

wool'liness *n.* (הוואול'-אי-נעס) וואליגקייט; פוכיגקייט.

wool'ly *a.* (הוואול'-אי) וואליג; וואס בעשטעהט פון וואל; בעדעקט מיט וואל; עהנליך צו וואל; אין באטאניק — בעוואקסען מיט פוכיגע פאזערען ווי וואל; ווייך, פוכיג.

wool'ly-but *n.* (הוואול'-אי-באט) אזא גרויסער גומי־בוים.

wool'ly-haired *a.* (הוואול'-אי-העהרד) מיט וואליגע האר.

wool'ly-head *n.* (הוואול'-אי-העד) א נעגער.

wool'ly-head'ed *a.* (הוואול'-אי-העד'-עד) מיט וואליגע האר [ווי די נעגערס].

wool'-mill *n.* (הוואול'-מיל) א וואלען־פאבריק [א פאבריק וואו מען וועבט וואלענע צייג].

wool'monger *n.* (הוואול'-מאנ-גער) א וואל=הענדלער.

wool'-mo'ter *n.* (הוואול'-מאו'-טער) א פערזאן וואס איז בעשעפטיגט מיט רייניגען וואל.

wool'oid *n.* (הוואול'-איד) נאכגעמאכטע וואל [פון די האר פון קיה און ביפעלאקסען].

wool'-oil *n.* (הוואול'-איל) ז. *wool-fat*

wool'-oi'ler *n.* (הוואול'-אי'-לער) אן אויל=אפאראט אין א וואל=קאם=מאשין [צום אוילען די וואל ביים קעמען].

wool'pack *n.* (הוואול'-פעק) א זאק וואל; א וואל=פאק [א פאק וואל וואס וועגט 240 פונט]; א געדיכטער פוכיגער וואלקען.

wool'-pack'er *n.* (הוואול'-פעק'-ער) א וואל=פאקער, איינער וואס פאקט וואל; א טיש, אויף וועלכען מען פאקט וואל.

wool'-pick'er *n.* (הוואול'-פיק'-ער) א וואל=סארטירער; א מאשין צו רייניגען וואל.

wool'-pow'der *n.* (הוואול'-פאו'-דער) אזא פולווער וואס בעקומט זיך פון רייבען זעהר טרוקענע וואל.

wool'sack *n.* (הוואול'-סעק) א זאק וואל; א וואל=קישען; אין דער ענגלישער געשיכטע — א קישען אנגעשטאפט מיט וואל, אויף וועלכען עס פלעגט זיצען דער לארד=קאנצלער; דאס אמט אדער די ווירדע פון לארד=קאנצלער.

wool'-scrib'bler *n.* (הוואול'-סקריב'-לער) א מאשין צו קעמען וואל.

wool'sey *n.* (הוואול'-סי) צייג געמאכט פון באוועל און וואל.

wool'-shears *n.* (הוואול'-שיערז) די שאף=שער [אזא שער צו שערען שעפסען].

wool'-sor'ter *n.* (הוואול'-סאהר'-טער) א וואל=סארטירער.

wool'-sor'ters' disease' (הוואול'-סאהר'-טערז די-זיעז') א בלוט=פערגיפטונג ביי וואל=סארטירער.

wool'-sta'ple *n.* (הוואול'-סטיי'פל) א שטאדט וואו עס פלעגט אמאל זיין דער וואל=מארק; וואל=פעדים, וואל=פיבערן.

wool'-sta'pler *n.* (הוואול'-סטיי'-פלער) א וואל=הענדלער; א וואל=סארטירער.

wool'stock *n.* (הוואול'-סטאק) אזא שווערער הילצערנער האמער איינצוקלאפען וואלענעם צייג.

wool'-trade *n.* (הוואול'-טרייד) דער וואל=האנדעל.

wool'-win'der *n.* (הוואול'-הוואינ'-דער) איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים מאכען וואל=קנוילען [צום פאקען].

wool'-work *n.* (הוואול'-הווארק) וואל=ארבייט, וואל=שטיקעריי.

woom *n.* (הוואוהם) ביבער=פוטער, די פעל פון א ביבער.

woo'rali *n.* (הוואוה'-רע-לי) וואוראלי [אזא גיפטיגער פלאנצען=זאפט]. ז. *curari*

woo'rara *n.* (הוואוה'-רע-רא) ז. *woorali*

woo'rari *n.* (הוואוה'-רע-רי) ז. *woorali*

wootz *n.* (הוואוטס) אזא הארטעם שטאהל פון אסט=אינדיען.

wop *v.* (הוואפ) שלאגען, פאטשען, שמייסען; א פאל טהאן ווי א פלאכטע; זיך פלוצלונג איבערקעהרען. ז. *whop*

word *n. and v.* (הווארד) אווארט; אן אויסדרוק, א. בעמערקונג; א ידיעה, א נאכריכט, א בעריכט; א בעפעהל; א פאסיר=ווארט, א פאראלע; א לאזונג; א מאטא, א שפריכווארט; א פערשפרעכונג, א צוזאג; אויסדריקען אין ווערטער, שילדערען; רעדען; האבען א געשפרעך; חנפ'נען.

Word *n.* (הווארד) גאט'ס ווארט, די הייליגע שריפט; דער לאגאס, דאס הייליגע ווארט, קריסטוס. ז. *Logos*

word'-blind *a.* (הווארד'-בלאינד) וואס קען ניט געדענקען קיין בוכשטאבען, וואס האט פערגעסען צו לעזען [אלס רעזולטאט פון א קראנקהייט].

word'-blind'ness *n.* (הווארד'-בלאינד'-נעס) אונפעהיגקייט צו לעזען [אלס רעזולטאט פון א קראנקהייט].

word'-book *n.* (הווארד'-בוק) א ווערטערבוך.

word'-bound *a.* (הווארד'-באונד) געבונדען דורך'ן ווארט אדער פערשפרעכען; אבגעהאלטען פון צו רעדען, צוריקגעהאלטען אין ווערטער.

word'-buil'ding *n.* (הווארד'-ביל'-דינג) די בויאונג, קאנסטרואירונג, פארמירונג אדער צוזאמענשטעלונג פון ווערטער.

word'-cat'cher *n.* (הווארד'-קעטש'-ער) א ווארט=קלייבער, א ווארט=גריבלער.

word'-deaf'ness *n.* (הווארד'-דעפ'-נעס) די פערלוסט [אלס רעזולטאט פון א קראנקהייט] פון דער פעהיגקייט צו פערשטעהן אויסגעשפראכענע ווערטער, כאטש מען הערט די קלאנגען.

wor'ded *a.* (הוואיר'-דעד) אבגעפאסט, פארמולירט, אויסגעדריקט אין ווערטער.

The statement was cautiously **worded**.

word for word (הווארד פאר הווארד) ווארט פאר ווארט, בוכשטעבליך.

wor'dily *adv.* (הוואיר'-די-לי) שיטענדיג צופיעל ווערטער; אויף א פלוידעריישען שטייגער; פלאפלעריש.

wor'diness *n.* (הוואיר'-די-נעס) פיעלווארטיגקייט; דאס שיטען מיט ווערטער; פלוידעריי.

wor'ding *n.* (הוואיר'-דינג) דאס אויסשפרעכען, דאס אויסדריקען אין ווערטער, די שפראך; די ארט און ווייזע פון אויסדריקען מיט ווערטער, דער סטיל, די פראזעאלאגיע.

word it (הווארד איט) דיספוטירען, דעבאטירען.

word'less *a.* (הווארד'-לעס) שטום, אהן ווערטער, אהן לשון; ניט אויסגעדריקט אין ווערטער.

word'-mem'ory *n.* (הווארד'-מעמ'-א-רי) די פעהיגקייט צו געדענקען אדער זיך צו דערמאנען ווערטער.

word of command' (הווארד אוו קא-מענד') א קאמאנדע, א קאמאנדע=ווארט, א בעפעהל.

word of God (הווארד אוו גאד) גאט'ס ווארט, די הייליגע שריפט.

word of hon'or (הווארד אוו אנ'-אר) אן עהרענווארט.

word'-pain'ter *n.* (הווארד'-פיינ'-טער) א ווארט=מאלער, א שרייבער וואס בעשרייבט א זאך אין לעבעדיגע בילדער.

word'-pain'ting *n.* (הווארד'-פיינ'-טינג) ווארט=מאלעריי, דאס בעשרייבען עפעס אין לעבעדיגע בילדער.

word'-pic'ture *n.* (הווארד'-פיק'-טשור) א ווארט=בילד, א בעשרייבונג פון א זאך אזוי, דאס זי שטעלט זיך פאר ווי א לעבעדיג בילד.

words *n.* (הווארדז) געשפרעך, רייד; דאס צואווערטלען זיך, א שטרייט, א מחלקה; ווערטער.

word'-square *n.* (הווארד'-סקהוועהר) א ווערטער=קוואדראט, דאס אויסשטעלען ווערטער איינס אונטער די אנדערע אזוי, אז די בוכשטאבען זאלען אויסבילדען א קוואדראט און איינע און דיעזעלבע ווערטער זאלען געלעזען ווערען ווי האריזאנטאל אזוי אויך ווערטיקאל, ווי למשל די ווערטער:

F R E T
R E A R
E A S E
T R E E

wor'dy *a.* (הוואיר'-די) פיעל=ווערטערדיג, רייך אין ווערטער; וואס ברויכט פיעל ווערטער [אין אויסדריקען א געדאנק]; וואס בעשטעהט פון ווערטער.

wore (הוואור) געטראגען א. ז. וו. ז. *wear*

work *v. and n.* (הווארק) 1. ארבייטען, הארעווען, פראצעווען; 2. ארבייטען, געהן, זיך בעוועגען, זיין אין טהעטיגקייט [וועגען א מאשין]; 3. ווירקען; 4. געהרען, איהרען, זיך בראדיען [ווי ביער, וויין]; 5. זיין אין א שטארקער בעוועגונג, זיין אויפגערעגט, קאכען, שטורמען; 6. זיך ארויפארבייטען, זיך דורכשלאגען; 7. זיין בעשעפטיגט מיט עפעס, האלטען זיך ביי א געוויסער פראפעסיאן; 8. בעדעקען זיך מיט שימעל=פלאנצען [וועגען שטעהענדיגען וואסער]; 9. בעארבייטען א זאך, צוגרייטען, צופערטיגען, אויסארבייטען; 10. מאכען, פארמירען, אויסבילדען; 11. בעציערען מיט ארנאמענטען; האפטען, אויסנעהען; 12. אויספיהרען, פראדוצירען, פעראורזאכען; 13. ברייגנען אין בעוועגונג, בעוועגען; 14. פיהרען, אנפיהרען, לייטען, פערוואלטען; 15. בעאיינפלוסען, ווירקען אז איינעמס טהעטיגקייט זאל געריכטעט ווערען צו א געוויסען ציעל; 16. אויפרעגען, אויפהעצען; 17. זיך סטארען, פרובירען עפעס צו טהאן; 18. רייניגען, אבפיהרען [דעם מאגען]; 19. האלטען אין דער ארבייט, צווינגען צו ארבייטען; 20. לעזען א פראגע אדער א מאטעמאטישע פראבלעם; 21. פעראורזאכען איהרונג אדער געהרונג [ווי פון ביער אדער וויין]; 22. ארבייט; די בעשעפטיגונג; 23. דאס, אויף וואס ארבייט ווערט אנגעווענדעט, אן אונטערנעהמונג; 24. עפעס וואס ווערט אויפגעטהאן, טהאט, האנדלונג, ווירקונג; 25. אן אויסגעארבייטע זאך; א ווערק, א פערפאסונג; א געבוי; א צייכנונג, אן אוזאר; שטיקעריי, אויסגענעהטע ארבייט; 26. אין מעכאניק — דער פראדוקט פון א קראפט אדער בעוועגונג; אין פיזיק און כעמיע — דער רעזולטאט פון א פיזישער אדער כעמישער אומבייטונג; 27. אין בערג=ארבייט— ניט=גערייניגטער ערץ אדער רויהער מעטאל; 28. די בעארבייטונג פון עפעס, די בעהאנדלונג, די ארט און ווייזע פון א געוויסער ארבייט.

1. She is compelled to **work** ten hours a day. 2. The pump will not **work**. 5. The waves **work** less and less. 6. Through winds and waves and storms he **works** his way. 7. He **works** in brass and iron. 13. They are wooden dolls **worked** with wires. 14. He **works** a big business. 15. He **worked** on the feelings of his hearers. 19. He **works** his horses too hard.

workabil'ity *n.* (הוואיר-קע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אויסגעארבייט ווערען,

דאס קענען דורכגעפיהרט ווערען; אויספיהרבארקייט; מעגליכקייט; פראקטישקייט.
The new experiment will test the **workability** of our plans.

wor'kable *a.* (הוואיר'-קעבל) וואס קען געארבייט ווערען; וואס קען דורכגעפיהרט ווערען; מעגליך, פראקטיש; אויף וועמען מען קען ווירקען; וואס מען קען געברויכען צו דער ארבייט.

wor'kableness *n.* (הוואיר'-קעבל-נעס) ז. *workability*.

work'aday *a.* (הוואירק'-ע-דיי) ארבייטזאם, וואס ארבייט שווער, וואס פלאגט זיך.
This is a practical **workaday** world.

work an observa'tion (הוואירק ען אב-זויר-וויי'-שאן) בעשטימען דאס ארט פון א שיף אין ים לויט דער לאגע פון א שטערען אדער פון אן אנדער הימלישען קערפער.

work at arm's length (הוואירק עט ארמז לענגטה) ארבייטען אונגעשיקט; מאכען ניט קיין גוטע ארבייט.

work'-bag *n.* (הוואירק'-בעג) אן ארבייטס=בייטעל, א קליין זעקעלע, אין וועלכען פרויען פלעגען אמאל טראגען זייערע נעה=געצייג און נעה=מאטעריאלען [ווי נאדלען, שפילקעס, פאדים א. ז. וו.].

work'-bas'ket *n.* (הוואירק'-בעס'-קעט) אן ארבייטס=קארב [א קערבעל, אין וועלכען פרויען האלטען נעה=געצייג אדער די גענעהטע ארבייט].

work'-bench *n.* (הוואירק'-בענטש) אן ארבייטס=באנק, א ווארשטאט.

work'-box *n.* (הוואירק'-באקס) אן ארבייטס=קעסטעלע [א קעסטעלע, אין וועלכען פרויען האלטען זייערע נעה=געצייג און נעה=מאטעריאלען].

work'day *n. and a.* (הוואירק'-דיי) אן ארבייטס=טאג; א וואכעדיגער טאג; וואס איז שייך צו אן ארבייטס=טאג אדער צו די וואכעדיגע טעג.

worked'-off' *a.* (הוואירקט'-אף') אין דרוקעריי — אבגעארבייט [וועגען שריפטזאץ, פון וועלכען די נויטיגע אויפלאגע איז שוין אבגעדרוקט געווארען].

wor'ker *n.* (הוואיר'-קער) אן ארבייטער; א טהוער; אן ארבייטס=ביען, אן ארבייטס=מוראשקע [וועלכע טהוען די ארבייט אין ביענשטאק אדער אין דער מוראשקעס=קאלאניע, אין געגענזאץ צו די ביענען אדער מוראשקעס, וועלכע בעשעפטיגען זיך ניט מיט קיין אנדער זאך אויסער רעפראדוצירען און האדעווען קינדער]; איינער פון די קליינע צילינדערס אין א קאם=מאשין; אזא מעסער געברויכט צום אבשאבען פעל.

wor'ker-ant *n.* (הוואיר'-קער-ענט) די ארבייטס=מוראשקע. ז. *worker*.

wor'ker-bee *n.* (הוואיר'-קער-ביע) די ארבייטס=ביען. ז. *worker*.

wor'ker-cell *n.* (הוואיר'-קער-סעל) א וואקס=קעמערעל אין א ביענשטאק, וואס איז בעשטימט פאר דער לארווא [ווערימעל] פון אן ארבייטער=ביען. ז. *worker*.

work'fellow *n.* (הוואירק'-פעל-או) א מיטארבייטער.

work'-folk *n.* (הוואירק'-פאוק) דאס ארבייטס=פאלק, די ארבייטער, די בעלי המלאכה.

work'-folks *n.* (הוואירק'-פאוקס) ז. *work-folk*.

work'girl *n.* (הוואירק'-גוירל) אן ארבייטס=מיידעל, אן ארבייטער=מיידעל, אן ארבייטערין.

work'-hol'der *n.* (הוואירק'-האול'-דער) א צייג=האלטער, א פארריכטונג צו האלטען צייג אין אזא לאגע, אז עס זאל זיין לייכט צו נעהען.

work'house *n.* (הוואירק'-האוס) א הויז פאר ארימע לייט, אן אנשטאלט פאר ארימע, וואו זיי זיינען געצוואונגען צו ארבייטען; א מאנופאקטור, א פאבריק.

work in (הוואירק אין) 1. איינארבייטען, אריינמישען איין מאטעריאל אין א צווייטען; 2. זיך אריינארבייטען, אריינדרינגען אין עפעס דורך ווידערהאלענדער אנשטרענגונג.
1. He **worked in** the good yarn with the bad. 2. The wire was slowly **worked in**.

wor'king *a. and n.* (הוואיר'-קינג) ארבייטענד, וואס ארבייט; ווירקענד; אקטיוו, טהעטיג; דאס ארבייטען, די ארבייט, די טהעטיגקייט; די געהרונג, די איהרונג; די שימלונג [פון וואסער].

wor'king-class *n.* (הוואיר'-קינג-קלעס) דער ארבייטער=קלאס.

wor'king-day *n. and a.* (הוואיר'-קינג-דיי) אן ארבייטס=טאג, א וואכעדיגער טאג; וואס איז שייך צו אן ארבייטס=טאג; ארבייטזאם; מיהזאם.

wor'king-draw'ing *n.* (הוואיר'-קינג-דראה'-אינג) א צייכנונג אדער פלאן פאר דער קאנסטרוקציאן פון א געביידע, מאשין א. ז. וו.

wor'king-house *n.* (הוואיר'-קינג-האוס) ז. *workshop*.

wor'king-man *n.* (הוואיר'-קינג-מען) אן ארבייטער.

wor'king-men's par'ty (הוואיר'-קינג-מענז פאר'-טי) א פאליטישע ארבייטער=פארטיי.

wor'king-par'ty *n.* (הוואיר'-קינג-פאר'-טי) א גרופע סאלדאטען וואס ווערען געשיקט אויף ארבייט.

work in'to (הוואירק אינ'-טו) 1. אריינמאכען, אריינדרעהען, דורכפיהרען עפעס אויף א כיטרען אופן; 2. שטופענווייז איבערארבייטען; איבערמאכען אדער פערוואנדלען עפעס שטופענווייז אין אן אנדער זאך.
1. He easily **worked** himself **into** the confidence of his neighbors. 2. This imperious man will **work** us all from princes **into** pages.

work'man *n.* (הוואירק'-מען) אן ארבייטער; א בעל=מלאכה, א האנדווערקער.

work'manlike *a. and adv.* (הוואירק'-מען-לאיק) ווי א בעל=מלאכה; געשיקט, מייסטערהאפט; מעשה בעל=מלאכה.
The garment was made in a **workmanlike** manner.

work'manly *a. and adv.* (הוואירק'-מען-לי) ז. *workmanlike*.

work'manship *n.* (הוואירק'-מען-שיפ) די ארבייט, דאס ווערק, א קונסטווערק; די אויסארבייטונג, די בעארבייטונג; געשיקטליכקייט, קונסט; ארבייט, פראדוקט, ארבייטס=פראדוקט.

work'master *n.* (הוואירק'-מעס-טער) א ווערקמייסטער; א קינסטלער אין זיין ארבייט; אן אויפזעהער איבער דער ארבייט.

work of art (הוואירק אוו ארט) א קונסטווערק.

work off (הוואירק אף) אויסלעדיגען, אבריינגען; אבפיהרען; זיך אויסלעדיגען; פטור ווערען פון עפעס.

work on (הוואירק אן) ארבייטען אדער ווירקען אויף עפעס.

work one's pas'sage (הוואירק הוואנז פעס'-עדזש) ארבייטען [אויף א שיף] פאר די רייזע=הוצאות.

work out (הוואירק אוט) אויסארבייטען, אויספיהרען, פערפערטיגען, דורכפיהרען, פערווירקליכען; בעארבייטען עפעס; לעזען א פראבלעם; אבמעקען, אבווישען, אויסשעפען, אויסצעהרען.

work'-peo'ple *n.* (הוואירק'-פיע'פל) דאס ארבייטער=פאלק, די ארבייטער.

work'room *n.* (הוואירק'-רוהם) אן ארבייטס=צימער, א ווערקשטאט.

works *n.* (הוואירקס) 1. א פאבריק; 2. די בעוועגליכע טיילען פון א מעכאניזם; 3. מעשים=טובים, דאס אבהיטען די מצוות פון דער תורה.
1. Our town has large glass-**works**. 2. The **works** of my watch are out of order.

work'shop *n.* (הוואירק'-שאפ) א ווערקשטאט, א פאבריק.

works of neces'sity (הוואירקס אוו ני-סעס'-אי-טי) אין די געזעצען וועגען זונטאג=ארבייט — די ארבייטען וועלכע עס איז ערלויבט צו טהאן אום זונטאג לטובת הכלל [ווי אויף די טראמוואיען, אייזענבאהנען א. ד. ג.].

work'some *a.* (הוואירק'-סאם) ארבייטזאם, פלייסיג.

work'-ta'ble *n.* (הוואירק'-טיי'בל) אן ארבייטס=טיש.

work the rack'et (הוואירק טהי רעק'-עט) האבען צו טהאן מיט עפעס, דורכפיהרען א פלאן [הויפטזעכליך פון א ניט זויבערען כאראקטער].

work up (הוואירק אפ) 1. ארויפארבייטען; דערגרייכען; 2. אויפרעגען, אויפהעצען; 3. אויסארבייטען, פערברויכען; 4. בעארבייטען; אויסארבייטען; אויסברייטען.
1. He **worked up** a reputation for himself. 3. We have **worked up** all our materials. 4. The article was **worked up** from a few hints.

work upon' (הוואירק א-פאן') ז. *work on*.

work'woman *n.* (הוואירק'-הוואומ-ען) אן ארבייטס=פרוי, אן ארבייטארין.

world *n.* (הוואירלד) די וועלט; די ערד; דער וועלט=אל, דער אוניווערזום; א טייל פון די"ר ערד [ווי "די אלטע וועלט", אייראפא]; אן אבטיילונג פון זאכען אדער בעשעפענישען וואס עקזיסטירען אויף דער ערד [ווי "די טהיער=וועלט", "די פלאנצען=וועלט"]; די מענשהייט; א בעשטימטער קלאס פון מענשען [ווי "די וויסענשאפטליכע וועלט"]; די ווירקונגס=ספערע פון א געוויסער אידעע אדער ריכטונג; א געביעט [ווי "די פאליטישע וועלט", "די וועלט פון קונסט"]; דאס פובליקום, דער עולם, דאס עפענטליכע לעבען; די זיטען, די מנהגים, די ארט לעבען פון דער געזעלשאפט [ווי "קענען די וועלט"]; דאס לעבען אויף דער ערד, דאס שטערבליכע לעבען [אין געגענזאץ צום הימלישען אדער אידעאלען לעבען]; א מאסע, א מענגע, א סך.

world'-fa'mous *a.* (הוואירלד'-פיי'-מאס) וועלט=בעריהמט.

world'-lan'guage *n.* (הוואירלד'-לענ'-גהוועדזש) א וועלט=שפראך, א שפראך וואס ווערט געברויכט אדער וואס איז בעקאנט אין דער ציוויליזירטער וועלט.

world'liness *n.* (הוואירלד'-לי-נעס)

וועלטליכקייט, איבערגעגעבענהייט צו וועלטליכע זאכען, דאס זיין פערטהאן אין עולם=הזה זאכען.

world'ling *n.* (הוואירלד'-לינג) איינער וואס איז איבערגעגעבען צו עולם=הזה זאכען.

world'ly *a. and adv.* (הוואירלד'-לי) וועלטליך, ערדיש, צייטליך; וואס בעלאנגט צו וועלטליכע מענשען [ניט צו די גייסטליכע], ניט מאנאכיש; וואס גיט זיך אב מיט עולם=הזה; אויף א וועלטליכען שטייגער; בנוגע צו עולם=הזה.

world'ly-min'ded *a.* (הוואירלד'-לי-מאינ'-דעד) איבערגעגעבען צו די פערגניגענס פון דער וועלט; וועלטליך.

world'ly-min'dedness *n.* (הוואירלד'-לי-מאינ'-דעד-נעס) די וועלטליכקייט, איבערגעבענקייט צו די פערגניגענס פון דער וועלט.

world'ly-wise *a.* (הוואירלד'-לי-הוואיז) קלוג אדער ערפאהרען אין וועלטליכע ענינים.

world'-old *a.* (הוואירלד'-אולד) אלט ווי די וועלט, זעהר אלט, פארצייטיג.

world'-renowned' *a.* (הוואירלד'-רי-נאונד') וועלט=בעריהמט.

world'-wear'ied *a.* (הוואירלד'-הוויער'-איד) מיעד פון דער וועלט, לעבענס=מיעד.

world'-wide *a.* (הוואירלד'-הוואיד) ווייט פערשפרייט, איבעראל פערברייטעט, אלגעמיין.

worm *n. and v.* (הוואירם) 1. א ווארים; 2. עטוואס וואס איז קליין אדער נישטיג ווי א ווארים; 3. עטוואס וואס גריזשעט און נאגט שטיל ווי א ווארים; געוויסענס=ביסע; 4. פערפוילטקייט, פערדארבונג, טויט; 5. עטוואס וואס איז עהנליך צו א ווארים אין אויסזעהן, עטוואס וואס בעוועגט זיך ווי א ווארים; א שנעקען=שרויף [א ספיראל=עהנליכע שרויף]; דער שרויפען=גאנג אדער דאס געווינדע [פון א שרויף]; די ספיראלע פון א קארקען=ציהער; א קוגעל=ציהער [אזא אייזענדעל אין דער פארם פון א קארקען=ציהער ארויסצוציהען קוילען פון א ביקס]; 5. קריכען ווי א ווארים; 6. זיך אונטערגראבען שטיל און אין געהיים ווי א ווארים; טהאן עטוואס אין דער שטיל אדער בגנבה, זיך אריינ'גנב'ענען; 7. אוועקנעהמען, ארויסציהען אדער פערטרייבען אויף א שטילען און געהיימען אופן; 8. ארויסנעהמען קוילען פון א ביקס מיט א קוגעל=ציהער; 9. בעפרייען פון ווערים; 10. ארומוויקלען א שיף=שטריק ספיראל=פערמיג מיט פאדים אדער דינע שטריקלעך אום איהם גלאטער צו מאכען.

2. A man is but a worm of the dust. 3. The worm of conscience gnaws his soul. 6. He wormed himself into favor. 7. They find themselves wormed out of all power.

wor'mal *n.* (הוואהר'-מעל) אזא געשווילעכץ אויף'ן רוקען פון קיה אדער פערד; אן אינזעקט אדער ווערימעל וואס פעראורזאכט דיעזע געשווילעכץ. ז. *warble*

worm and wheel (הוואירם ענד הוויעל) א שנעקען=ראד געטריעב, א געטריעב מיט אן ענדלאזער שרויף. ז. *endless screw*

worm'-bur'row *n.* (הוואירם'-באר-או) א פערשטיינערטער שפור פון א ווארים.

worm'-cast *n.* (הוואירם'-קעסט) די רונדע ערד=קופקעלעך וואס ווערען אויפגעווארפען פון א ווארים; א פערשטיינערטער שפור פון א ווארים.

worm'-col'ic *n.* (הוואירם'-קאל'-איק) בויך=וועהטאג וואס קומט פון בויך=ווערים.

worm'-dye *n.* (הוואירם'-דאי) שארלאך, שארלאך=רויטע פארב.

worm'-eat *v.* (הוואירם'-איעט) אויסנאגען אדער אויספרעסען ווי א ווארים; צופרעסען, צונאגען.

worm'-ea'ten *a.* (הוואירם'-איע'טן) צונאגט אדער צופרעסען פון ווערים.

worm'-ea'tenness *n.* (הוואירם'-איע'טן-נעס) דאס זיין צונאגט אדער צופרעסען פון ווערים.

worm'-ea'ter *n.* (הוואירם'-איע'-טער) א ווערים=עסער [א פויגעל אדער חיה וואס נעהרט זיך מיט ווערים].

worm'-ea'ting *n.* (הוואירם'-איע'-טינג) ווערים=פרעסענד, וואס עסט ווערים, וואס ערנעהרט זיך מיט ווערים.

wormed *a.* (הוואירמד) צופרעסען אדער צונאגט פון ווערים; ווערימדיג.

wor'mer *n.* (הוואיר'-מער) א פיש=פאנגער וואס כאפט פיש מיט ווערים [אויף דער ווענטקע].

worm'-fence *n.* (הוואירם'-פענס) א זיג=זאג אדער שלאנגען=פערמיגער צאם אדער פארקאן.

worm'-fe'ver *n.* (הוואירם'-פיע'-ווער) ווערים=פיבער [פיבער ביי קינדער, וואס קומט פון ווערים אין די געדערים].

worm'-fish'er *n.* (הוואירם'-פיש'-ער) איינער וואס כאפט פיש מיט ווערים [אויף דער ווענטקע].

worm'-gear *n.* (הוואירם'-גיער) א צאהן=ראד וואס ווערט געטריבען פון אן ענדלאזער שרויף. ז. *endless screw*

worm'-gear'ing *n.* (הוואירם'-גיער'-ינג) א ראד=געטריעב מיט אן ענדלאזער שרויף. ז. *endless screw*

worm'-grass *n.* (הוואירם'-גרעס) ווארים=גראז [אזא גראז, וואס זיינע בלעטער זיינען עהנליך צו ווערים]; דער אינדישער פינק=ווארצעל [ז. *pinkroot*].

worm'-hole *n.* (הוואירם'-האול) א ווארים=לאך [א לאך וואס ווערט אויסגעפרעסען פון א ווארים [ווי אין האלץ, פאפיער א. ד. ג.].

worm'-holed *a.* (הוואירם'-האולד) צולעכערט פון ווערים.

wor'mil *n.* (הוואהר'-מיל) ז. *wormal*

wor'ming-pot *n.* (הוואיר'-מינג-פאט) א פארריכטונג צו מאכען קאלירטע ארנאמענטען אויף ליימענע כלים.

worm'-like *a.* (הוואירם'-לאיק) ווארים=פערמיג, ספיראל=פערמיג.

worm'ling *n.* (הוואירם'-לינג) א ווערימעל.

worm'-oil *n.* (הוואירם'-אויל) ז. *wormseed-oil*

worm one's self in'to (הוואירם הוואנז סעלף אינ'-טו) זיך אריינ'גנב'ענען.

worm one's way (הוואירם הוואנז הוויי) זיך דורכ'גנב'ענען, דורכקריכען.

worm out (הוואירם אוט) פערדרענגען אדער פערטרייבען אין געהיים.

worm'-pow'der *n.* (הוואירם'-פאו'-דער) ווערים=פולווער [צום אבטרייבען בויך=ווערים].

worm'seed *n.* (הוואירם'-סיעד) ווערים=זאמען, ווערים=קרויט; סאנטאניקא [אזא ווערים=קרויט=פלאנצע]; דער לאק=ערטיגער העדעריך [אזא פלאנצע וועמענס זאמען פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס ווערים=קרויט. ז. *treacle-mustard*].

worm'seed-oil *n.* (הוואירם'-סיעד-אויל) ווערים=זאמען אויל, ווערים=קרויט אויל.

worm'-shaped *a.* (הוואירם'-שייפט) ז. *worm-like*

worms''-meat *n.* (הוואירמז'-מיעט) ווערים=שפייז, א טויטער קערפער.

worm'-snake *n.* (הוואירם'-סנייק) א ווארים=שלאנג [אזא ווארים=עהנליכע שלאנג]; דער בלינדער ווארים [אזא שלאנג=עהנליכער ווארים].

worm'-tea *n.* (הוואירם'-טיע) ווערים=טהעע [א געטראנק צום אבפיהרען בויך=ווערים].

worm'-track *n.* (הוואירם'-טרעק) ז. *worm-burrow*

wor'mul *n.* (הוואהר'-מאל) ז. *wormal*

worm'-wheel *n.* (הוואירם'-הוויעל) א שרויפען=ראד, א שנעקען=ראד, א ראד מיט אן ענדלאזער שרויף. ז. *endless screw*

worm'wood *n.* (הוואירם'-הוואוד) 1. ווערמוט [אזא ביטערע פלאנצע, וואס פלעגט פארצייטענס פיעל געברויכט ווערען אין מעדיצין]; 2. ביטערקייט.

2. His presence is gall and wormwood to all the guests.

Wormwood

worm'wood wine (הוואירם'-הוואוד הוואין) וויין, וועלכען מען האט צוגעגעבען א ביטערקייט מיט דער הילף פון קרייטיכער.

wor'my *a.* (הוואיר'-מי) ווערימדיג; בעקראכען מיט ווערים; צופרעסען פון ווערים; ווי א ווארים, געמיין, נידריג, קריכענד; וואס שמעקט מיט קברים=ווערים אדער מיט קברים; פינסטער, שרעקליך; וואס זוכט ווערים אלס שפייז [וועגען א פויגעל].

worn *a.* (הוואורן) [ז. *wear*]; געטראגען, אבגעטראגען, אבגעניצט; אבגעריבען, אויסגעטראטען; פערגאנגען [וועגען צייט]; אויסגעמאטערט, אויסגעמוטשעט, ערשעפט.

wor'nal *n.* (הוואהר'-נעל) ז. *wormal*

wor'nil *n.* (הוואהר'-ניל) ז. *wormal*

worn'-out *a.* (הוואורנ'-אוט) 1. אב=

געטראגען, אבגעניצט, אויסגעטראטען, אבגעריבען; 2. אויסגעמאטערט, אויסגעמוטשעט, ערשעפט; 3. פערגאנגען, פערשוואונדען.

1. He wears a **worn-out** coat. 2. He is an old **worn-out** clerk. 3. It is a pattern of a **worn-out** age.

wor'rier *n.* (הוואר'-אי-ער) א קוועלער, א פלאגער; איינער וואס דאקוטשעט אדער טהוט אן צרות; איינער וואס דאגה'ט אדער ערגערט זיך.

wor'riless *a.* (הוואר'-אי-לעס) אהן דאגות, אהן ערגערנים.

wor'riment *n.* (הוואר'-אי-מענט) דאס דאגה'ן, ערגערנים, קוועלעניש.

wor'risome *a.* (הוואר'-אי-סאם) דאקוטשענד, פלאגענד, קוועלענד, ערגערענד.

wor'rit *v. and n.* (הוואר'-איט) ערגערען, פלאגען, קוועלען; ערגערנים, קוועלונג.

wor'ry *v. and n.* (הוואר'-אי) 1. ערגערען, פלאגען, קוועלען, דאקוטשען; פערשאפען ערגערנים, צרות אדער דאגות; 2. זיך ערגערען, זיך קימערען, זיך נעהמען צום הארצען, דאגה'ן; 3. אנכאפען מיט די ציינער ביים האלז, בייסען, רייסען מיט די ציינער, צורייסען, צובייסען, זיך בייסען, זיך רייסען [ווי הינד]; 4. צרות, דאגות, ערגערנים; 5. דאס בייסען, דאס צובייסען אדער צורייסען מיט די ציינער [ווי א הונד].

1. It does not **worry** me in the least. 2. Do not **worry!** Everything will be all right. 3. The dog **worries** the sheep. 4. It is not work but **worry** that kills.

wor'ry along' (הוואר'-אי ע-לאהנג') אנגעהן מיט שוועריגקייט, זיך דורכשטופען, דורכקריכען, זיך דערשלאגען; אנגעהן ניט קוקענדיג אויף שטערונגען אדער צרות.

He **worries along** with an income of $10,000 a year.

wor'ry down (הוואר'-אי דאון) אראבשלינגען מיט גוואלד, מיט מיה ארײנקוועטשען אין גארגעל.

She **worried down** the tea and ate a slice of toast.

wor'rying *a.* (הוואר'-אי-אינג) 1. מוטשענד, פלאגענד, קוועלענד, ערגערענד; אויסמאטערענד; 2. זיך ערגערענד, דאגה'נד.

1. It was a **worrying** day. 2. She is always **worrying** about her children.

wor'ryingly *adv.* (הוואר'-אי-אינג-לי) דאגה'נדיג; ערגערענדיג, פערשאפענדיג צרות; פלאגענדיג, קוועלענדיג.

wor'ry the life out of (הוואר'-אי טהי לאיף אוט אוו) פערמאטערען ביז'ן טויט.

worse *a. and adv.* (הווארס) שלעכטער, ערגער.

wor'sen *v.* (הווארסן) פערערגערען, מאכען ערגער.

wor'ship *n. and v.* (הוואיר'-שיפ) 1. פערעהרונג; פערגעטערונג; בעוואונדערונג; 2. גאטעסדיענסט; 3. דאס עהרען; דאס אבגעבען עהרע; 4. אכטונג, רעספעקט; 5. היכווירדיגקייט, עהרווירדיגקייט, גנאדע [אלס טיטול]; 6. עהרע, ווירדע, רעפוטאציע, גוטער נאמען; 7. פערגעטערען, פערעהרען, בעוואונדערען; 8. דיענען ווי צו א גאט; פראווען גאטעסדיענסט; 9. אכטען, עהרען, רעספעקטירען.

1. We are strongly opposed to the **worship** of riches. 2. Prayer is the chief part of **worship**. 5. What will your **worship** have? 7. He **worships** art and beauty. 8. Thou shalt **worship** no other God.

wor'shipable *a.* (הוואיר'-שיפ-עבל) פערעהרונגסווערטה, פערגעטערונגס־ווירדיג; וואס קען פערגעטערט ווערען.

wor'shiper *n.* (הוואיר'-שיפ-ער) א פערגעטערער; א פערעהרער; איינער וואס פראוועט א גאטעסדיענסט אדער איז מתפלל.

wor'shipful *a.* (הוואיר'-שיפ-פול) עהרווירדיג, היכווירדיג [געברויכט אויף אלס טיטול].

wor'shipfully *adv.* (הוואיר'-שיפ-פול-אי) אויף אן עהרווירדיגען אדער היכווירדיגען אופן; מיט עהרע; מיט אכטונג, מיט רעספעקט.

wor'shipfulness *n.* (הוואיר'-שיפ-פול-נעס) עהרווירדיגקייט, היכווירדיגקייט.

wor'ship of im'ages (הוואיר'-שיפ אוו אימ'-עדזש-עז) בילדער־פערגעטערונג, געצענדיענסט. ז. ***image-worship***

wor'shipper *n.* (הוואיר'-שיפ-ער) ז. ***worshiper***

worst *a., adv., n. and v.* (הוואירסט) 1. ערגסטער, ערגסטע, ערגסטעס; 2. אם ערגסטען; 3. דאס ערגסטע; 4. בייקומען, בעזיעגען.

1. Poverty is the **worst** evil that can befall a man. 3. He sees the thing at its **worst**. 4. The Philistines were **worsted** by Samson.

wors'ted *n. and a.* (הוואוס'-טעד) געשפונענע וואל; געשפונענע וואל־פעדים; געמאכט פון געשפונענער וואל.

wors'ted-work *n.* (הוואוס'-טעד-הוואירק) וואל־שטיקעריי, גענעה מיט געשפונענע וואלענע פעדים.

wort *n.* (הוואירט) גראז, קרייטער, א פלאנצע; ביער־מאלץ, יונגעס, נאך ניט געאיהרטעס ביער; די היידעלבעערע [ז. ***huckleberry***].

worth *a. and n.* (הוואירטה) 1. ווערטה; 2. פערמאגענד, בעזיצענד; 3. וואס איז ווערטה, וואס פערדיענט; 4. דער ווערטה; 5. פערדיענסט, ווערדע, ווירדיגקייט; וויכטיגקייט; 6. בעזיצונג, פערמעגען, רייכטום.

1. A bird in the hand is **worth** two in the bush. 2. He is **worth** a million. 3. The matter is not **worth** notice. 5. He is a man of great **worth**.

worth'ful *a.* (הוואירטה'-פול) ווערטהפול; ווירדיג.

wor'thiest of blood (הוואיר'-טהי-עסט אוו בלאד) אין יוריספרודענץ — די מענער [אלס יורשים, אין געגענזאץ צו די פרויען].

wor'thily *adv.* (הוואיר'-טהי-לי) 1. אויף א ווירדיגען אופן, מיט ווערדע, מיט ווירדיגקייט, מיט רעספעקט; 2. מיט רעכט, לויט פערדיענסט; 3. אויסגעצייכענט, פארטרעפליך; פאסיג.

2. Some may very **worthily** deserve to be hated.

wor'thiness *n.* (הוואיר'-טהי-נעס) ווערטהקייט, ווירדיגקייט, עהרווירדיגקייט, ווירדע.

worth'less *a.* (הוואירטה'-לעס) 1. נוצלאז; ווערטהלאז; 2. נידריג, אונווירדיג, געמיין; 3. ניט ווערטה, וואס פערדיענט ניט.

1. He is always sure to buy the most **worthless** things. 2. He is a **worthless** creature.

worth'lessly *adv.* (הוואירטה'-לעס-לי) אויף א ווערטהלאזען אדער נוצלאזען אופן; אויף אן אונווירדיגען, געמיינעם שטייגער.

worth'lessness *n.* (הוואירטה'-לעס-נעס) ווערטהלאזיגקייט; אונווירדיגקייט.

worth one's salt (הוואירטה הוואנז סאהלט) עפעס ווערטה; ווערטה דאס ברויט וואס ער עסט, ווערטה די שכירות [וועגען אן ארבייטער].

The clerk is not **worth his salt**.

worth the whis'tle (הוואירטה טהי הוויסל) ווערטה די מיה גערופען צו ווערען.

The dog is not **worth the whistle**.

worth while (הוואירטה הוואיל) ווערטה די צייט, ווערטה די מיה, לוינט זיך.

It is not **worth while** to sue for small debts.

wor'thy *a. and n.* (הוואיר'-טהי) 1. ווערטה; וואס פערדיענט; 2. וויכטיג, ווערטהפול; 3. ווירדיג; 4. וואס האט פערדיענסטע; 5. פאסיג; 6. פערדיענט; גוט בעגרינדעט; 7. א וויכטיגע פערזענליכקייט, א פראמינענטע פערזאן.

1. He is a person **worthy** of moral approbation. 2. He has done us **worthy** service. 3. He leads a **worthy** life. 4. He is a wise and **worthy** writer. 5. It is a dwelling **worthy** of the occupants. 6. He has much **worthy** blame laid upon him. 7. There were assembled all the military **worthies**.

wot (הוואט) איך וויים, איך קען; ער אדער זי ווייסט אדער קען. ז. ***wit***

would (הוואוד) 1. וואלט; 2. וואלט וועלען; 3. געוואלט; געוועזן ענטשלאסען; 4. פלעגט; 5. הלואי; הלואי וואלט.

1. I **would** do it if I were able. 2. He said he **would** learn to write. 3. He **would** go, I could not prevent him. 4. Now and then the door **would** open. 5. **Would** I had done it.

would'-be *a. and n.* (הוואוד'-ביע) 1. וואס וויל זיין, וואס פרעטענדירט צו זיין, וואס וויל פעררעכענט ווערען אלס..., כלומר'שדיג; 2. איינער וואס פרעטענדירט צו זיין עטוואס וואס ער איז ניט.

1. There were poets and **would-be** poets at the gathering.

wound (הוואונד) געדרעהט, ארומגעדרעהט א. ז. וו. [ז. ***wind***].

wound *n. and v.* (הוואוהנד) 1. א וואונד; 2. א בעשעדיגונג; פערלעצונג; 3. פערוואונדען; 4. בעשעדיגען, פערלעצען, וועה טהאן.

1. The soldier is covered with **wounds**. 2. The **wounds** of conscience must always be healed in private. 3. I **wounded** my head. 4. Do not **wound** his feelings.

woun'dable *a.* (הוואוהנ'-דעבל) וואס קען פערוואונדעט ווערען, בעשעדיגט ווערען, פערלעצט ווערען אדער אנגעגריפען ווערען.

woun'der *n.* (הוואוהנ'-דער) א פערוואונדער, א בעשעדיגער; איינער אדער עטוואס וואס פערוואונדעט, בעשעדיגט, פערלעצט אדער פערארזאכט וועהטאג.

wound'-fe'ver *n.* (הוואוהנד'-פיע'-ווער) וואונד־פיבער, פיבער וואס קומט פון א וואונד.

woun'dily *adv.* (הוואונ'-די-לי) זעהר, אויסערגעוועהנליך.

woun'ding *n.* (הוואוהנ'-דינג) פערוואונדונג; בעשעדיגונג; פערלעצונג; דאס וועה טהאן.

wound'less *a.* (הוואוהנד'-לעס) ניט פערוואונדעט; וואס קען ניט פערוואונדעט ווערען אדער געשעדיגט ווערען; וואס פערוואונדעט ניט; אונשעדליך.

wound'wort *n.* (הוואוהנד'-הוואירט) דאס וואונד־קרויט. ז. ***kidney-vetch***

woun'dy *a.* (הוואוהנ'-די) וואס פערארזאכט וואונדען.

woun'dy *a. and adv.* (הוואונ'-די) זעהר, זעהר פיעל, אויסערארדענטליך, אונגעהייער.

wou'rali *n.* (הוואוה'-רע-לי) וואוראלי [אזא גיפטיגער פלאנצען=זאפט]. ז. *curari*.

wou'rali-plant *n.* (הוואוה'-רע-לי-פלענט) די וואוראלי=פלאנצע. ז. *curari*.

wou'rari *n.* (הוואוה'-רע-רי) וואוראלי [אזא גיפטיגער פלאנצען=זאפט]. ז. *curari*.

wou'-wou *n.* (הוואו'-הוואו) ז. *wow-wow*.

wove (הוואוו) געוועבט. ז. *weave*.

wo'ven (הוואוון) געוועבט. ז. *weave*.

wow *int.* (הוואו) אן אויסרוף פון פערגניגען, ערשטוינונג אדער פערוואונדערונג.

wow'-wow *n.* (הוואו'-הוואו) דער וואו=וואו [אזא גיבאן פון סומאטרא און יאווא]. ז. *gibbon*.

wp. אבקירצונג פון *worship* [וויר=דיגקייט, הויכווירדיגקייט, גנאדע — אלס טיטול].

wpful. פערקירצונג פון *worshipful* [אלס טיטול].

wrack *n.* (רעק) עטוואס וואס ווערט ארויסגעווארפען פון ים אויף'ן ברעג [ווי גראזען אדער ווי זאכען פון א צושמעטערטער שיף]; פערניכטונג, צושטערונג.

wrack'ful *a.* (רעק'-פול) רואינירענד, צושטערענד.

wrack'-grass *n.* (רעק'-גרעס) דאס ים=גראז. ז. *grass-wrack*.

wrain'-staff *n.* (ריינ'-סטעף) ז. *wring-staff*.

wraith *n.* (רייטה) די ערשיינונג פון דעם גייסט פון א פערזאן, וועלכע איז נור וואס געשטארבען אדער דארף אין גיכען שטארבען; א גייסט.

wran'gle *v. and n.* (רענגל) זיך קריגען, זיך שטרייטען, זיך ווערטלען; דיספוטירען, דעבאטירען, האבען א וכוח; א מחלוקה, א קריעגעריי.

wran'gler *n.* (רענ'-גלער) א צאנקער, א שטרייטער, א קריעגער; א דיספוטאנט, א דעבאטאנט; אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט — א סטודענט פון ערשטען ראנג אין מאטעמאטיק.

wran'glership *n.* (רענ'-גלער-שיפ) רער העכסטער סטודענטען=ראנג אין מאטעמאטיק [אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט].

wran'glesome *a.* (רענ'גל-סאם) צאנקעריש, שטרייטזיכטיג, קריעגעריש.

wran'gling *n.* (רענ'-גלינג) דאס שטרייטען זיך, דאס קריעגען זיך; דעבאטירונג, דיספוטירונג.

wrap *v. and n.* (רעפ) 1. וויקלען; 2. איינוויקלען, ארומוויקלען, איינפאקען; 3. איינהילען; פערדעקען; 4. אן איינהילונג [ווי א מאנטעל, קאלדרע, שאל א. ז. וו.]; א לויזעס קלייד; א קאפאטע, א באלאכאן.

1. **Wrap** some paper about the book. 3. Some religious beliefs are **wrapped up in** strange mysteries.

wrap'page *n.* (רעפ'-עדזש) איינוויקלונג; איינהילונג; אן איבערצוג; איינפאקונג [ווי פאפיער, לייווענט א. ז. וו.].

wrapped up in (רעפט אפ אין) 1. בעשטעהט, איז ענטהאלטען, איז פערבונדען מיט...; 2. פערקאכט, איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען; פערטהאן.

1. All his happiness is **wrapped up in** his children. 2. She is **wrapped up in** his studies.

wrap'per *n.* (רעפ'-ער) אן איינוויקלער; אן איינפאקונג, אן איבערצוג [ווי פון פאפיער, לייוועגד א. ז. וו.]; איינוויקלונג; איינהילונג; דער אומשלאג אדער דער פאפיערענער איבערצוג פון א בוך; די בלאט=איינהילונג פון א סיגאר [דער טאבאק=בלאט, אין וועלכען א סיגאר איז איינגעוויקעלט]; א לויזעס קלייד, א קאפאט, א באלאכאן.

wrap'ping-pa'per *n.* (רעפ'-אינג-פיי'-פער) פאק=פאפיער.

wrap'-ras'cal *n.* (רעפ'-רעס'-קעל) אזא ברייטער אויבער=ראק אדער מאנטעל.

wrasse *n.* (רעס) [אזא דער ליפ=פיש שעהן=קאלירטער ים=פיש מיט דיקע ליפען. צו דעם מין ליפ=פיש בעלאנגט, צווישען אנדערע, אויך דער ים=פאפוגאי. ז. *parrot-fish*].

wrasse'-fish *n.* (רעס'-פיש) ז. *wrasse*.

